אלף [אַ'לעף] דער (די), ־ן. < אלף < אַלפֿ —
[צוליב ענלעכקייט מיט אַ קאָפּ פֿון אַן אָקס].
1. ערשטער אות פֿון אלף־בית. פֿון א ביז
ת — פֿון אָנהייב ביזן סוף (איכה רבתי א,
--
כג: „שחטאו מא, ועד ת„). „פֿאַרציילן וואָס ער
האָט נאָר געזען פֿון א, ביז ת'„ מאַקמאַן. [אָפּט
מיט אַ שטריכעלע, מע קען עס אויסמײַדן.]
„אַז מע זאָגט א, זאָגט מען אויך (דאַרף מען
אויך זאָגן) ב“, שוו = א) דער וואָס הייבט אָן
דאַרף אויו ממשיך זײַן (ענדיקן); ב) מע דאַרף
זײַן אויסגעהאַלטן, קאָנסעקווענט. 2. איינער
פֿון די אותיות הגרון ←, פֿון די אותיות
השימוש ← און פֿון די אמות הקריאה ←. 3. (
געוויינטלעך מיט אַ שטריכעלע) האָט דעם
ציפֿערדיקן באַטײַט פֿון איינס. א, רו„כ = 1 רובל כסף
= 1 רוסישער זילבערנער רובל. כא (כ“א) =
21; לא (ל„א) = 31 אאַזוו. אַזוי אויך אין יידי־ א
שער צײַט־רעכענונג: תש“א = 701, תשי“א =
711. ווען מע ווײַזט אָן די טויזנטער אויך, לפּרט
גדול, באַטײַט א, איין טויזנט. א, תשט“ו =
1,715. 4. (געוויינטלעך מיט אַ שטריכעלע)
ערשטער. חלק א, = ערשטער טייל. פּרק א,

= ערשטער פּרק, קאַפּיטל. יום א, = ערשטער
טאָג (פֿון דער וואָך, זונטיק). א, בּראשית, א,
נח אאַזוו = ערשטער טאָג (זונטיק) פֿון דער
וואָך פֿון דער סדרה בּראשית, נח אאַזוו. א,
דראָש־השנה = ערשטער טאָג פֿון ראָש־השנה.
אַזוי אויך: א, של פּסח, א, של שבֿועות, א, של
סוכּות, א, דחול־המועד, א, דחנוכּה. אַזוי אויך
בּײַ די ערשטע טײלן פֿון די ספֿרים אין תּנך:
שמואל א', מלכים א', דבֿרי הימים א'. אויך פֿאַר
מאָדערנע בּאַגריפֿן: קלאַס א = ערשטער קלאַס;
פּונקט א = ערשטער פּונקט. 5. מיט אַ
שטריכעלע — ר"ת פֿון: אָבֿ, אדומים [=
רענדלעך], אַדוני, אות, אחד, איש, אלהים, אלף. א
אָמן, אָמר, אַשכּנז.
— דער (די), שטומע(ר) אַלף. 1. געשריבּן,
אָבּער ניט אַרויסגערעדט, אַפּצוטײלן דרײַ וואָוון:
וואו, וואונדער, וואוינען, „פּרואוו" אאַזוו. [ווערט
דורכגעלאָזט אין סאָוו אויסלײג פֿון 1928 און
לויט תּקנות פֿון אויסלײג, ייִוואָ 1937]. "א איז
דער אײנציקער אות וואָס קען זײַן שטום", א
ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. 2. אַרכ (זיך
אויפֿגעהאַלטן צום טײל בּיזן סוף 19. יה), סוף

וואָרט נאָך אַ וואָקאָל: וויא, ורויא [= פֿרוי].

צווייא, דרײַא, אַרצנייא [= רפֿואה], און גאָר
אַרכ אויך נאָך אַ קאָנסאָנאַנט: קאפּא = קאָפּ. אַ
„און, דש אלף זוא עש הינדן שטעט נאָך איינם
פּוינטל זא טוט עז ניקש דען עש מאַכט דער
גשריפֿט איין צירונגא גלייו אלש (דיא)“, ספֿר
מידות, איסני 1542, דאָס פֿאַ'רלעצטע זײַטל.
„מער ניט אין צוויי פֿאַלן פֿון דעם יִדישן
עלטערן אויסלייג איז דער אַלף מיט אַן אמת
אַ שטומער, ד״ה אַ גראַפֿישער צייכן אָן אַ
געהעריקן קלאַנג־בילד. דאָס איז 1) דער ענד־אַלף
אין די ווערטער: דיא, וויא וכדומה; 2) אין וואו. אַ
וואונדער אאַזוו, וואו מע שטעלט אַרײַן דעם
אַלף, ווײַל עס דוכט זיך אויס מאָדנע צו שטעלן
דרײַ וואָוון נאָכאַנאַנד„„ זק, דער איי״ הייטלעכער
יִדישער אויסלייג, ווילנע 1930, ז, 16.
— קאָנסאָנאַנט [געוויינטלעך מאַכט (הערט)
מען ניט קיין חילוק צווישן דעם א און דעם
שטומען]. „אין פֿאָנעטישן אלף־בית באַצייכנט
דורך אַן אַפּאָסטראָף...ווערט דײַטלעך
אַרויסגערעדט פֿאַרן וואָקאַל...איידער מיר הייבן אָן אַ
אַרויסריידן דאָס וואָרט, זײַנען די שטימבענדער
אינגאַנצן פֿאַרמאַכט. אין דעם מאָמענט ווי מיר
עפֿענען זיי, רײַסט זיך די לופֿט אַרויס דורכן
שטים־שפּאַלט — דערהערט זיך [קוים־קוים]

אַ מין קנאַל אָדער קנאַק, ערשט דערנאָך ווערט
אַרויסגערעדט דער וואָקאַל; דעם אַלף גופֿא
דאַרף מען בּאַטראַכטן פֿאַר אַ קאָנסאָנאַנט אַזוי
ווי בּ. ג. ד...., מער ניט וואָס ער איז שוואַכער
אַרטיקולירט“, זק, איינהייטלעכער ייִדישער
אויסלייג, ווילנע 1930, זז, 13־14. און, אויך,
אין, איין, אײַער; נאַאיוו, רואיק, טויאיק,
טריאומף, בּאַציאונג, אייראָפּעאיש. פֿאַראיין,
געאייניקט, הינעראיי, בּאַקאויוון, פֿאַראיבּל אאַ.
— קירצונג פֿון אַ נאָמען וואָס הייבּט זיך אָן .
מיט אַן אַלף. 1. קירצונג פֿון מענלעכע
נעמען: אבּא, אַבֿרהם, אַהרן, אבֿיגדור, אבֿנר, אַ
אלחנן, אליהו, אפֿרים אאַ; פֿון אידל, אײַזיק,
איסר, איציק, אַלטער, אַנשל אאַ. 2. קירצונג
פֿון ווײַבּלעכע נעמען: אבֿיגיל, אסנת (אַסנע),
אסתּר אא; פֿון איטע, איידל, אַלטע אאַ.
— (מאַט) ספּעצ אײַנגעשטעלטער סימבּאָל
וואָס בּאַצייכנט די ריי פֿון טראַנספֿיניטע
קאַרדינאַלע צאָלן; קומט שטענדיק מיט אַ צאָל

אונטן, אָנהייבּנדיק פֿון נול [אײַנגעפֿירט פֿון
געאָרג קאַנטאָר].
— אַדוו. 1. צאָל־בּאַטײַט: אַן ערך, אומגעפֿער
(קומט מיט אַ צאָלוואָרט נאָך אים אָדער מיט אַ

וואָרט וואָס באַצייכנט אַ מאָס). זאָגן אַ צען מאָל (אַ מאָל צען); וואַרטן אַ צוויי וואָכן (אַ וואָכן צוויי). קויף אַ פֿינף פֿונט צוקער, אַ צען אַרשין לײַוונט. 2. צײַט־באַטײַט: במשך פֿון איין (שעה, טאָג אע), אין פֿאַרלויף פֿון איין...נעמען די פּילן צוויי מאָל אַ טאָג. פֿאָרן צום רבין דרײַ מאָל אַ יאָר.
— אויסרופֿוואָרט. 1. בײַם איבערפֿרעגן (ניט דערהערן). „אַ? וואָס זאָגסטו?“ 2. בײַם אויסדריקן חידוש, פֿאַרוואונדערונג. „אַ, איז טאַקע אַזוי געשען?!“ 3. בײַם אויסדריקן התפּעלות, באַגײַסטערונג. „אַ, איז דאָס געווען אַן אויפֿטו!“ 4. בײַם אויסדריקן אומצופֿרידנקייט פֿאַרדראָס, כעס. “אַ, וואָס האָט ער דאָ

,

אָפּגעטאָן!“ 5. בײַם אויסדריקן ביטול, פֿאַר אַכטונג. „אַ, לאָז געמאַך!„..
— אומבאַשטימטער אַרטיקל. נאָר אין אצ. 1 פֿאַר אַלע דרײַ מינים: אַ (גוטער) מאַן, אַ

.

(גוטע) פֿרוי, אַ (גוט) קינד. (פֿאַר אַ וואָקאַל אַן: אַן עפּל, אַן אָדלער, אַן איי, אַן אויוון, אַן עסק, אַן עושר אאַזוו). [קומט אויך פֿאַרן קאָנסאָנאַנט יוד: אַ ייִד, אַ ייִנגל, אויך אין די לר וואָס האָבן

דאָרט ניט קיין יאָטאַציע: אַ „איד“, אַ „אינגל“. פֿאַראַן לר וואָס האָבן אַ, ניט אַן, פֿאַר אי, למשל: אַ אשה, אַ איספּראַווניק]. קומט מיט אַ סובסטאַנטיוו אין אַלע פּאָזיציעס פֿון זאַץ. אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פֿולע שיסל. גיב אַ (שטיקל) ברויט. 2. ספּעצ קומט פֿאַר אָ סובסטאַנטיוו וואָס ווערט געניצט פּרעדיקאַטיוו און אַדיעקטיוויש: ער איז אַ פֿערד [= אַ נאַרישער], ס'איז אַ קינד אַ גאָלד [= אַ טײַערס, אַ גוטס].

— דער & די, ־ען. < איי. 1. (מוזיק) זעקסטער טאָן אין סקאַלע, טאָן־אַרט, צע־דור [אָנגענומען אין מיטל־אייראָפּעאישער מוזיקאַלישער טערמינאָלאָגיע]. 2. סטרונע, ביינדל (קלאַוויש) וואָס ברענגט אַרויס דעם אַ־קלאַנג. בכן: די דריטע סטרונע פֿון פֿידל; פֿערטע סטרונע פֿון וויאָלאַ און טשעלאָ; צווייטע סטרונע פֿון קאָנטראַבאַס. אַ־קאַמערטאָן = קאַמערטאָן,

אַ

ווערט געניצט צו שטימען פּיאַנאָ און אַנדערע אינסטרומענטן [צע־קאַמערטאָן איז מיט דרײַ

טענער העכער אָדער זעקס טענער טיפֿער ווי דער אַ־קאַמערטאָן].

אַ — וואָקאַל. דער, ־ען. ווערט געשריבן [אַ], ס'איז דער קלאַנג ווי אין: פּאַק, דאַך, נאַר אאַזוו. דער פֿרײַסטער, אָפֿנסטער וואָקאַל וואָס מענטשן ריידן אַרויס. בײַם אַרויסברענגען דעם קלאָנג זײַנען די ליפּן אָפֿן אין אַ האָריזאָנטאַלן שפּאַלט; די צונג ליגט אינגאַנצן פֿלאַך אין דער לענג און אין דער ברייט פֿון שפּיץ צונג ביזן אָטעם־רערל, און אויף ביידע זײַטן בײַ די ציין, אַזוי אַז דער מויל־חלל אונטערן מוילדאַך (האַרטן און ווייכן גומען) איז דער גרעסטער אין פֿאַרגלײַך מיט אַלע וואָקאַלן. [דאָס איז דער וואָקאַל וואָס קינדער לערנען זיך אויס אַרויסצוריידן, וו אַ כלל, צום ערשטן:
י
פּאַפּאַ, באַבאַ, מאַמאַ, דאַדאַ אע]. דער קלאַנג בײַט זיך אין באַפֿאַרבונג דורך דעם אַקצענט:
א) מיטן אַקצענט קען ער אָפּט אויסגעצויגן ווערן, כמעט ווי אַ לאַנגער [אַ]: „כאַנע, כאַנע [= חנה], שטיי אויף!“. „וואָס פֿאַר אַ נאַר דו ביסט„; ב) אין פֿאַראַקצענטיקע טראַפֿן ווערט ער קירצער, אָבער געוויינטלעך היט ער אויף זײַן פֿאַרב: פֿאַרוואָס?; „קאַצאָווים„ [קצבֿים];

ג) נאָכן אַקצענט אין ענדטראַפֿן ווערט דער אָ
פֿאַרקירצט; ער פֿאַרשווינדט פֿאַר דעם טראַפּיקן
נון: קאַפּטן > 'קאַפּטאַן'; „קאַפּצן" [קבּצן]
> 'קאַבּצאַן'; לײַוונט > lîn▯י ât; בּראַנפֿן >
bran(t)în▯ו [פֿון î איז געוואָרן ai]. לאַנגער
[אַ] אין מיטל־ייִדיש, פּד, פֿאַר דעם דיפֿטאָנג
[ײַ], אין מערבֿ־ייִדיש אויך פֿאַר אַנדערע
דיפטאָנגען.

אַ־ — פּרעפֿיקס אין אינטערנאַציאָנאַליזמען.
בּאַטײַט: ניט־, אומ־, אָנ־, ־לאָז.
אַגנאָסטיק; אַגאַמיש, אַסעקסועל, אַסימעטריש.
ווען ניטאָ דער

אינטערנאַציאָנאַף ▯: אַבּיאָ▯אָגיש ←
בּיאָוואָרט, ל
ליזם אוי ־ — זוכ דאָס
גרונטמש . .
לאָגיש.

אַ־ — פֿאָרטראַף [אין גערעדטער שפּראַך אַ סך
אָפּטער ווי אין געשריבּענער]. ▯> Mhd: ie־
ווערט צוגעשטעלט צו פּראָנאָמען און אַדווערבּן
וו אַן אופֿן אַרויסצוהייבּן, צו מאַכן
עמפֿאַטיי
שער דעם פּראָנאָם אָדער אַדווערבּ. בּײַ ווערטער

וואָס הייבן זיך אָן מיט וו: אַוואָס, אַוואו, אַווי, אַוועלכער, אַוועק, אַוואָסער, אַוויפֿל, אַווידער
אא; אין אַנדערע פֿאַלן: אַיעדער(ער), אַיענער, אַדאָך, אַנאָך אאַ. קומט אָפֿטער פֿון אַלץ אין פֿרעגזאַצן און ווען דאָס וואָרט הייבט אָן דעם זאַץ. „אַוואו האָסטו עס געמאַכט?“ “אַוואָס זאָגט ער?“ „אַוואו דו זאָלסט ניט זײַן...“ „אַוויפֿל עס זאָל ניט קאָסטן!“ “אַיעדערער ווייסט עס“. [היסטאַריש געהערן אַהער אויך: אַמאָל, אַמער, אַצונד].
אַ, — קירצונג פֿון אַז, מיטן באַטײַט: אויב, ווען. [< אַז ניט = אַניט]. געוויינטלעך בלויז אין גערעדטער שפּראַך. 1. פֿאַר ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ז. „אַ, זיבן איז אַ ליגן“; „אַ, זי וויל — איז עפּעס אַ תּירוץ?“ „אַ, זיי ווילן — ווערט עס“; „אַ, זייער פֿאָטער

הייסט — מוזן זיי עס טאָן“. 2. אויך פֿאַר אַנדערע שטימיקע קאָנסאָנאַנטן (דעריקר פֿאַר ד). „אַ, דער רבי שפּאַרט זיך אײַן שטאַרק מיט כּוונה...“; „אַ, דער טאַטע זאָגט — פֿאָלג איך“; „אַ, דו ווילסט — נעם אַן עפּל“; „אַ, דיר איז

ליבֿ איז מיר ניחא"; „אַ, די ווײַבֿ איז אַ יולדת, אי[ז] דער מאַן אַ יאָלד", פֿוול. „אַ, מע וויל עפּעס שטאַרק, געפֿינט מען אַ מיטל". [אין שרײַבֿן גיט מען עס איבֿער פֿולערהייט: אַז].

אָ — אויסרופֿוואָרט. 1. קומט צוזאַמען מיט דער ווענדונג: „אָ גאָט, האָבֿ רחמנות!" „אָ קינדערלעך מײַנע! קומט אַהער צו מיר".

2. בײַם אויסדריקן בקשה, פֿאַרלאַנג. „אָ(,) טוט עס ניט!" 3. בײַם אויסדריקן (שטאַרקן) ווייטיק. „אָ, די ציין, די ציין!" „אָ, איך וועל עס ניט אויסהאַלטן מער!" 4. בײַם אויסדריקן צער, באַדויערונג. „אָ, וואו זײַנען אַוועק די יונגע יאָרן!" „אָ, ווי שלעכט מיר איז!" 5. דזוו אַ — אויסרופֿוואָרט, בבֿ 2־5.

אָ — וואָקאַל. דער, ־ען. ווערט געשריבֿן: [אָ]. ס'איז דער קלאַנג [אָ] ווי אין: גאָט, פֿאָרט אאַזוו. בײַם אַרויסברענגען איז די אונטערשטע קינבאַק אַרונטערגעלאָזן מער ווי בײַם קלאַנג [ו], אָבֿער וויייניקער ווי בײַ [אַ]. דער ליפּן־שפּאַלט איז ברייטער איידער אין [ו], אָבֿער שמעלער ווי בײַ [אַ]. דער הינטערטייל פֿון צונג הייבֿט זיך צום וויכן גומען (ניט אַזוי הויך ווי בײַ [ו]. דער שפּיץ צונג אַוועק פֿון די אונטערשטע ציין, ווייניקער ווי בײַ [ו]; די ליפּן אויסגעפּושעט און

פֿאַרקײַלעכט, אָבער װײניקער װי בײַ [ו]. [אָ] איז אַן אומלאַבּ אַליזירטער, הינטערדיקער,
ֿ
מיטל־הויכער װאָקאַל. לאַנגער [אָ] אין מיטליידיש, פֿד, אין די װערטער: הויז, מויז אע.
אָ — קירצונג פֿון אָט ←. בּ֯.ם אָנװײַזן. ,,אָ
֯

שטייט ער. זעסט אים נישט?" דער אָ = אָט דער. אָ! = אָט דאָס, אָט דער (די). איצט אָ = אָט איצט, פּונקט איצט. אָ(,) אַזוי = אָט אַזוי.
א"א — ר"ת פֿון: אָבות אַבֿותינו, אָבֿינו אַתּה, אַבֿרהם אָבֿינו, אַגבֿ אורחא, אַדוני אבֿי, אחד אלהינו, אחינו אַתּה, אי אפֿשר, אין אומרים, איש אחד, אַל אמת, אלהי אַבֿותינו, איש אלהים, איש אמת, אלף אַלפֿים, אָמן אָמן, אמרי אינשי, אַנשי אמונה, ארבּעה אָבֿות, אַשכּנזים אומרים, אשת איש, אשת אַדוני, אַתּה אחד.
א אַ — ר"ת פֿון: און אַנדערע.
֯,
אא"א — ר"ת פֿון: אהיה אַשר אהיה, איש או אשה, אַל ארך אפּים, אנשים אחים אנחנו, אף אני אומר.

אַ אַ, אַ אַ... — קלאַנגען און אײַנגעשטעלטער

ניגון בײַם פֿאַרוויגן אַ קינד (בײַ ייִדיש־רעדנדיקע מאַמעס).

אא״ב — ר״ת פֿון: אָבֿות אכלו בוסר, אלהי אַבֿותינו, אלהי אבֿי בעזרי.
אָאָגאַמיע — די. מצ נב. < איי < גר. פֿאַרמערונג דורכן פֿאַראייניקן דעם מענלעכן ספּערמאַטאָזאָאיד (זאָמען־קעמערל) מיטן ווײַבלעכן איי. אַדי: ־מיש.
אָאָגאָניום — דער, ־ס (־ען). אויך: אָאָגאָניע. < איי < גר. 1. (בּיִאָלאָגיע) ערשטע

אָאָלאָגיסט

סטאָדיע אין אַנטוויקלונג פֿון ווײַבלעכן אייעלע. פֿון אָ, אַנטוויקלט זיך דער אָאָציט (←). 2. (באָטאַניק) ווײַבלעכער סעקסועלער אָרגאַן בײַ געוויקסן, מיט איינעם אָדער מער אייעלעך וועלכע אַנטוויקלען זיך נאָך פֿערטיליזירונג און ווערן אָאָספּאָרן (←).

אָאָגענעזיס — דער. מצ נבֿ. < איי < גר.
(בּיִאָלאָגיע) פֿאָרמירונג און אַנטוויקלונג פֿון
ווײַבּלעכן אייעלע.
אא״ה — ר״ת פֿון: אבֿי־אָבֿות הטומאה, אַדוני
אבֿי הרבֿ.
אאה״ט — ר״ת פֿון: אבֿי־אָבֿות הטומאה.
אַאודאַ'ד — דער, ־ן. < פֿר < אַראַבּיש (□).
ווילדער שעפּס (צפֿון־אַפֿריקע). Ammotragus
.1erv□a
אַאו'ל — דער, ־ן. < רוס < קאַזאַן־טאָטעריש
< קירגיזיש. אָנזאַמלונג פֿון כאַטעס (
געצעלטן); דערפֿל אין קאַווקאַז און בײַם רובֿ
מזרח־פֿעלקער פֿון רוסלאַנד.
אאו״מ — ר„ת פֿון: אַדוני אָבֿי ומורי.
אא״ז — ר״ת פֿון: אַדוני אבֿי זקני.
אאַז״ו —־ ר״ת פֿון: און אַזוי ווײַטער.
אָאַזיס — דער, ־ן. (אויך: אָאַזע, די). < איי
< גר. בּאַוואַסערטער און פּרוכטיקער אָרט
אין מדבּר. ווי אַן אָ, אין וויסטעניש (מדבּר) =
דערפֿרישנדיק, אומגעריכט, דערפֿרייענדיק. „מיר
טרעטן אויף סקעלעטן...צי וועלן מיר דערזען
נאָך דעם אָ, גרין, די קוואַלן און די פּאַלמען?״,
אַל, 'מײַן קאַראַוואַן'. „אין...זאַמד־מער געפֿינען
זיך זייער פֿיל אינזלען...בּאַוואַקסן מיט גראָז...

דיזע אינזלען ווערן אָנגערופֿן אָ'“, אמד, די פֿרומע תּרצה, וואַרשע 1856.

אָאַזיסדיק — אַדי. וואָס שייך צו (אין ווי) אַן אָאַזיס. „צו די אַלע זעלטענע גאָרנס פֿון דער אָ'ער...געבײַדע...“, יג, טמז, 14 III 1954.

אאז״ל — ר״ת פֿון: אַדוני אבֿי זכרונו לבֿרכה, אַבֿרהם אָבֿינו זכרונו לבֿרכה.

אא״ה — ר״ת פֿון: אחרון אַחרון חבֿיבֿ.

אָאָטעקע — די, ־ס. < איי < גר. 1. (זאָאָלאָגיע) בײַטל מיט אייעלעך (בײַ פֿאַרשיידענע מאָלוסקן און אינזעקטן). 2. אייערשטאָק.

אַאייווי — דזוו אַזוי ווי. לאָקל, גראָדנע.

אַאיר — דער, ־ן. (אויך: אַאי'ר). < ווּר. וואַסער־געוויקס בײַ בּרעגן פֿון טײַכן, אָזערעס, מיט לאַנגע גראָזיקע בּלעטער, מיט לאַנגן פּוסטן דינעם שטענגל און אַ בּערשטעלע בײַם שפּיץ. קאַמיש, טשערעט, ראָר, וואַסערראָר. אין טייל ערטער געניצט פֿאַר סכך אויף אַ סוכּה [קינדער שפּילן זיך מיטן בּערשטעלע פֿון אַ'; מע פֿלעגט מיט אַ, אויספּוצן די שטיבּער לכּבֿוד שבֿועות]. „בײַם סאַמע בּרעג אָזערע, צווישן די טראָסטינעס און אַ, איז דאָ...“, זש, שקלאָווער ייִדן. „אייבּיק בּלײַבּט רואיק איר שפּיגל... נאָר אָפּטמאָל נעמט דורך וו אַ ציטער די הויכע

י

פֿאַרקלערטע אַ'ן“, דא, געזאַמלטע שריפֿטן I.
“סודעט טונקל זיך דער אַ', ווי עס וואַכט דאָרט
ווער“, אַל , 'אויפֿן טײַך סווישלאָשץ'. Amrus
lamus)־

אא“ל — ר“ת פֿון: אין אַפּוטרופּוס לעריות.

אָאָלאָגיסט — דער, ־ן. ווכ ־ין, ־ס. ספּעצ
אַי
ליסט אין אָאָלאָגיע.

אָאָלאָגיע

אָאָלאָגיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר. לערע װעגן אייער בײַ פֿויגלען; טייל פֿון אָרניטאָלאָגיע (←). אַדי: ־גיש.

אָאָלי'ט — דער, ־ן. < פֿר. קאַלכשטיין וואָס באַשטייט פֿון קײַלעכדיקע קערנערלעך פֿון קאַלך־קאַרבאָנאַט, צונויפֿצעמענטירט אינאיינעם אַזוי ווי רויגן פֿון אַ פֿיש און געפֿינט זיך אין פֿעלדזן. אַדי: ־יש.

אאמ“א — ר“ת פֿון: אין אורח מכניס אורח.

אאמ“ה — ר“ת פֿון: אַדוני אבֿי מורי הרבֿ.

אאמ“ו(ר) — ר“ת פֿון: אַדוני אבֿי מורי ורבי.

אאמ“ז — ר,'ת פֿון: אַדוני אבֿי מורי זקני.

אא"נ — ר“ת פֿון: ארבעה אָבֿות נזיקין.

אָאַנעס — נאָמען פֿון אַ בבֿלישן גאָט
[געשטאַלט: האלבֿ־מענטש, האַלבֿ־פֿיש, ממונה איבער וויסנשאַפֿט און קונסט]. „און אָ, האָט מיט זיך געבראַכט קונסט און וויסנשאַפֿט. ער האָט אויסגעלערנט די מענטשן די קונסט פֿון שרייַבן און אַלע חכמות“, קאָראַלניק, שריפֿטן II, נ“י.
אָאָספּאָ'ר — די, ־ן. < איי < גר. (
באָטאַניק) באַפֿרוכפּערט קעמערל אין אַ געוויקס. אדי: ־יש.
אָאָספֿע'ר — די, ־ן. < איי < גר. (
באָטאַניק) אַ צײַטיק־געוואָרן איי־קעמערל, נאָך ניט באפֿרוכפּערט. אַדי. ־יש.
— .
אָאָסקאָ'פּ — דער, ־ן. מכשיר צו אָבסערווירן ד אַנטוויקלונג פֿון אַן עמבריִאָן אין אַן איי.
י
אָאָסקאָפּיע = דאָס אָבסערווירן מיט דער הילף פֿון אַן אָ'.
אאע“ה — ר“ת פֿון: אַבֿרהם אָבֿינו עליו השלום.
אָאָפֿאָרי'ט — דער, ־ן. < איי < גר. (
מעדיצין) אָנצינדונג פֿון אייערשטאָק, אָוואריום, וואו עס באַשאַפֿן זיך אייער. אדי. ־יש.
.

אָאָפֿאָ'רעקטאָ'מיע — די. < ענג < גר.
(מעדיצין). דאָס באַזײַטיקן כירורגיש דעם
אייערשטאָק.

אָאָפּי'ט — דער, ־ן. < איי < גר. (
באָטאַניק) דער דור אין לעבנס־ציקל פֿון
אַרכעגאָנישע (←) געוויקסן, וואָס אין אים אַנטוויקלען
זיך געשלעכטלעכע אָרגאַנען.

אָאָצי'ט — דער, ־ן. < איי < גר. (
עמבריִאָלאָגיע) ווײַבלעך אייעלע אין סטאַדיע פֿון צײַטיק
ווערן.

אַאָרטע — די, ־ס. < איי < גר□ די
הויפּטאַרטעריע פֿון קערפּער וואָס
גייט אַרויס פֿון דער לינקער
קאַמער פֿון האַרץ פֿון האַרץ
. „
גייט אַרויס אַ ריזיקער אָדער,
ד אַ', וואָס פֿירט אַרויס דאָס
י
גאַנצע בלוט; פֿון דער אַ, [
דערגייט] דאָס בלוט דורך
קלענערע אַרטעריעס צו אַלע אבֿרים", דר, פּאַט,
טמז, 1959 I□י 21.

א"ב — ר"ת פֿון: אלף־בית, אחד בעומר, אין
ברירה, איש בליעל, אליהו בחור, אַל בנה,

אַסמכתּא בּעלמא, אָסור בּאכילה, אָסור בּהנאה,
אָסור בּבֿ(י)שול, אראה בּנחמה, אַתּה בּחרתּנו.

אָבּ — אַדוו. ארכ. ob :hd □. דזוו אויבּן.
„...עדאָך לא יותר אלש אבּ אויס גמעסין איזט“,

3

פֿראָגער תּקנות קעגן לוקסוס, תּקכ“ז, ייִבֿל
.I, 339

אָבּ — דער. גנ. גרויסער טײַך אין סיבּיר. [מיטן
בּײַטײַך קאַטון 2,500 מײַל די לענג. פֿאַלט
אַרײַן אין קאַרישן ים].

אָבּ־ — פּרעפֿיקס < איי < ל פֿאָרטראַף אין
.
אינטערנאַציאָנאַליזמען ווי: אָבּיעקט,
אָבּסערווירן, אָבּליגאַציע, אָבּסטרוקציע אאַ [
לכתּחילהדיקער בּאַטײַט: אַקעגן, אין דער ריכטונג
צו. איבּער קלאַנגיקע טעמים פֿאַלט [בּ] אַרויס
אין געוויסע פֿאַלן. למשל: אָפּאָזיציע].

אָבֿ... — ← נאָך אַלע ווערטער מיט
א □...

אבּ“א — ר“ת פֿון: אַבּא בּר אַבּא, אות בּאות,
אלישע בּן אבֿויה.

אַבּא 1 — [אַ'בּאָ, אַ'בּאַ] דער, ־ס [אַבּעס].

< אַרמיש. 1. טאַטע, פֿאָטער, אין א״י. „אַ', איך האָבּ היינט אָנגעהויבּן חומש“. „היינט איז אַ'ס יום הולדת“. צערטל־פֿאָרעם: אַבּאלע. „זאָל מיך (דער) אבּאלע מיטנעמען“. „דעם אַבּאלען רעדט מען אַנטקעגן?!“. 2. פֿאָטער אין הימל: אַטריבּוט פֿון גאָט. 3. ערנטיטל פֿאַר חשובֿע פּערזאָנען אין די צייטן פֿון דער גמרא. סתּם אַבּא מיינט מען רבֿ (שבּת, נג/א, חולין, פּד/א). 4. טיטל אין דער צייט פֿון משנה, ווינציקער ווי רבּי. אַבּא חנן, אַבּא שאול.

אַבּא 11 — [אַ'בּע]. 1. מאַנצבּילשער נאָמען בּ􏰀 אַשכּנזישע ייִדן. דער הויפּטהעלד פֿון י.
י
אָנוכיס דערציילונגען א״ט ר, אבּא פֿקפֿ
.
אַבּעלע. 2. נאָמען פֿון אַ צאָל אַמוראָים. אַבּא בּר אבּא הכּהן, בּרכות, יח/בּ; אַבּא בּר אבֿינא, שבּת, ס/ב.

אַבּאָ — גנ. פּאָרט־שטאָט אין פֿינלאַנד. (אַ, איז שוועדישער נאָמען, אויף פֿיניש — טורקו). [געווען טרעפֿפֿונקט פֿאַר רעוואָלוציאָנערן אין צאַרישע צייטן. ייִדן דערלויבּט צו וואוינען אין די זעכציקער יאָרן פֿון 19. יה. 1906 — 45,000 איינוו„ 350 ייִדן].

אַבא אומנא — [אַ'בע או'מנע] נאָמען פֿון
גרויסן דאָקטער אין דער צײַט פֿון אַבּיי ורבֿא
(←) וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן
פֿרומקייט און גוטסקייט (תּענית, כא/ב). ער
איז אַן א, א, = אַ דאָקטער א צדיק. ,,אונדזער
ב אַליסטאָקער דאָקטער כאַזאַנאָוויטש איז
גע'

ווען אַן אַ, א'", רייד.
אָבּאָאיסט — דער, ־ן. < איי < איט. שפּילער
אויף אַן אָבּאָע ←.
אַבּאָ אריכא — [אַבּע אריכע] נאָמען פֿון
רבֿ (חולין קלז/ב). תּלמיד פֿון רבּי יהודה
-
הנשׂיא, גרינדער און פֿירער פֿון דער ישיבֿה
אין סוראָ פֿון די ערשטע אַמוראָים פֿאַררעכנט

, ,
אויך ווי א תּנא (ערובין, נ/ב).
אָבּאָד — דער, ־ן. סל. < רוס. רייף פֿון
ראָד; (מעטאַלענער, הילצערנער) רינג, רייף
פֿון א פֿאַס.
אָבּאָ'דיווקע — גנ. שטעטל אין טולטשינער
קרײַז, אוקראַאינע. באַקאַנט אויך ווי:
אַבּאָדיעווקע. [אַזוי ווי דיעווקע = מיידל, האָט

מען לצניש גערופֿן דאָס שטעטל אָבאָ־כלאָפּעץ (= יונג). אין לשון נקיה פֿלעגן ייִדן זאָגן אויך: אַבאָ־שפֿחה]. צונעמענישן: אָ'ר פּעלצן.

אַבאַזשור

[7,754 — 1897 אײַנוו,, 1,676 ייִדן; 1926 — 520 ייִדן].

אָבאַדע — די, ־ס. < איי < פֿר. (אין פּאָעזיע און מוזיק פֿון טרובאַדורן) דאָס ליד פֿון באַגינען, ווען די געליבטע צעשיידן זיך.

אַבאָדראַנעץ — דער, ־נצעס. סל. < וור, רוס. אָפּגעריסענער: ווער עס איז אָנגעטאָן ווי אַ שלעפּער, קרוע־בלוע. אויך: אָבאָדראַנע ן.

אָבאָדראַנקע — די, ־ס. ← דפֿוו. ,,ייִדישע נ אַנקעס זענען פֿאַרשמירטע, פֿאַררוסטע אָ'ס", מ. ליעוו, האָדעל, קעשענעוו 1888.

אַבא ואמא — [אַבע וועאי'מע] צב. 1 פֿאָטער און מוטער, טאַטע־מאַמע. 2. (קבלה) חכמה און בינה, די ערשטע צוויי פֿון די עשׂר ספֿירות [זיי זײַנען ,,תּרין רעין דלא מתפּרשין" = צוויי פֿאַרליבטע וואָס צעשיידן זיך ניט; זיי באַנײַען

איטלעכן טאָג די מעשׂי־בּראשית, וואָס איז אויך דער סוד פֿון „נשיקת הבּריאה“ = קוש פֿון בּאשאַף]. „דער גאַנצער עיקר און שורש פֿון דער טיפּה וואָס זי איז מקבּל און ווערט נתעבּר פֿון זעיר־אנפּין איז דאָס פֿון מוחין פֿון אַבּא ואמה“, תּניא, 532. 3. (קבּלה) די מלאָכים מיכאל און גבֿריאל, די א, וא, פֿון וועלטבּאַשאַף. 4. (קבּלה) דרום און צפֿון [מזרח און מערבֿ זײַנען בּרא וברתּא = זון און טאַכטער].

אַבֿ אָוואָ —. אַדוו פֿראַזע. ל פֿון דעם איי:

.

פֿון אָנהייבּ פֿון בּראשית.

,

אָבּאָ'ז — דער, ־ן. < רוס. 1. ריי פֿורן וואָס פֿירן משׂא (נאָך אָדער מיט אַ גרופּע מענטשן). 2. מיליטערישער טראַנספּאָרט מיט אַמוניציע און פּראָוויאַנט. „איז געגאַנגען אַ מחנה מיט דעם אָ, וואָס מע האָט זיי נאָכגעפֿירט עסן און טרינקען און דעסגלײַכן אַנדערע זאַכן“, נחבֿ, 'מעשׂה מבּעל־תּפֿילה'.

אָבּאָזאָווי — דער. < פּויל. אין נאַצישע אַרבּעט־לאַגערן. דער וואָס גיט אַכטונג אויפֿן גאַנצן אַרבּעט־לאַגער און אויפֿן אויפֿפֿירן זיך פֿון די אַבּוזניקעס (←). בּלום.

אָבּאָזאָווע — אַדי. < פּויל. אין נאַצישע
אַרבּעט לאַגערן. וואָס איז שייך צו אַן

אַרבּעטלאַגער אונטער נאַצישער הערשאַפֿט. אָ,
האָרעוואַניע; אָ, לעבּן. בּלומ.

אָבּאָזאָוועץ — דער, ־וועס. ייִד אין נאַצישן
אַרבּעט־לאַגער; לאַגעריסט, אַבּוזניק. בּלומ.

אַבּאַזיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
קרענקלעכע (אָפֿט היסטערישע) אומפֿעאיקייט צו
גיין בּײַ אַ נאָרמאַלן צושטאַנד פֿון אָרגאַניזם.
אדי: ־זיטיש.

אָבּאָזניק — דער, ־עס. < רוס. 1. ווער עס
דינט אין מיליטער בּײַם אָבּאָז. „צווישן די
אָ'עס איז ער גלײַך געוואָרן אַן אייגענער„,
בּימקאַ. 2. דזוו אָבּוזניק, אָבּאָזאָוועץ.

אַבּאַזשו'ר — דער, ־ן. < איי < פֿר. אַ שייד
איבּער אַ לאָמפּ צו
פֿאַרשטעלן און אָפּצושוואַכן
דאָס ליכט. „די בּלומע▯־
טעפּ זענען בּאַלײַכט
געוואָרן פֿון אַ לאָמפּ מיט
אַ בּלויען אַ'„, ספּ,
ייִדישער קאָלאָניסט. „נעם פֿריִער אַראָפּ דעם

פּאַפּירענעם קאָלפּאַק (אַ')“, די מע□Iה פֿון
דעם שטיקעלע ברויט..., זשיטאָמיר 1869.

אַבאַט

אַבאַ'ט — דער, ־ן. > איי > אַבא, אַרמיש.
טיטל פֿון הויפּט פֿון אַ קאַטוילישן
מאָנאַכןקלויסטער; אָפֿט אויך סתּם טיטל פֿאַר אַ
קאַטוילישן גלח. ־ין — הויפּט פֿון אַ
פֿרויענמאָנאַסטיר.
אַבאַטאָר — דער, ־ס. > מאָלדעוויש > פֿר
abatt□ir. בעס, רומ. באָינע, רעז, שלאַכטהויז.
פֿון אַ, טראָגט זיך אַ מיאוסער ריח. אויך:
אַבאַטואַר.
אַבאַטסטווע — די, ־ס. קאַטוילישער
קלויסטער, מאָנאַסטיר, אָנגעפֿירט פֿון אַן אַבאַט.
אַבאָימע — די, ־ס. > רוס. מעטאַלן רעמל
פֿאַר קוילן, אַרײַנגעשטעלט אין מאַגאַזין־קעסטל
פֿון ביקס (פּיסטויל). „...צוויי רייען ווײַסע ציין
וואָס שטייען שטאָלץ און פֿעסט ווי אַן אַ,
ברונינג־פּאַטראָנען„, ברעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע I.
אַבאַיע — די, ־ס. (> איי) > אַראַביש.
לאַנגער אייבערשטער מלבוש פֿון גראָבן וואָלענעם

שטאָף (אָדער לײַוונט) [געטראָגן פֿון מענער אין אַראַבישע און אַנדערע אָריענטאַלישע לענדער]. „שפּרינגט דער בעדואין...און דער גאַנצער הימל הענגט אים אויפֿן אַקסל ווי אַן אויסגעהאַפֿטענע אַ'", יהואָש. „זיי פֿלעגן רוען, אונטערשפּרייטנדיק זייערע אַראַבישע כאַלאַטן, די אַ'ס", א. ראובֿני, אונטערן וואנד, [ירושלים, 1912?].

אָבאָיעס — די, מצ. סל. < רוס. וואַנטפּאַפּיר, סאַפּעטן, שפּאַלירן; פּאַסן פּאַפּיר מיט צייכענונגען, וואָס מע באַקלעפּט מיט זיי ווענט (סופֿיט) פֿון אַ צימער. „...איבערשלאָגן די ווענט מיט אַנדערע אָ,", איסטאָריע III, 7.

אָבאָישטשיק — דער, ־עס. סל. < רוס.
1. קלעפּער פֿון אָבאָיעס ←). דער אָ, האָט פֿאַרענדיקט קלעפּן איין צימער. 2. טאַפּעצירער. „דער אָ, פֿאַרריכט די ספּרו(נ)זשינעס און שלאָגט אַרום די קאַנאַפּע מיט פּליוש".

אָבאַכט — די. מצ נב. פּר. השגחה, אויפֿזיכט. אַ געטרײַע אָ'. „דערצויגן איז ער געוואָרן אונטער די אָ, פֿון שלעכטע דינסטן,,, א. מ. קלאַפּ, אַ וואָלף אין אַ שעפּסנפֿעל, וואַרשע 1899.

אָבאַכט געבן — צזוו. גיב אָבאַכט, אָבאַכט געגעבן. פּר. אַכטונג געבן, אָפּהיטן. "איך גיי

אַוועק אויף עטלעכע מינוט. גיב דערווײַל אָ,
אויפֿן קינד“ (לייבוש לעהרער, ייִשפּ, 146 ,􏰀 II).
,,ר, גרשון האָט אובאַכט גיגעבין אויף די
משפּטים, עס זאָל גוט געפּסקעט ווערן“, איבז
א פֿאַוויר, שבֿחי בעש,,ט. אויך: אָבאַכטן,
.
דטשמ. ,,זײַט זאָ גוט און אָבאַכטעט אויף מײַן
פֿרײַנדס צעמעדאַן“, ל פֿינקעלשטיין, פֿון
לאָנ.
דאָן קיין אינדיע, וואַרשע 1895.
אָבאַכטע — די, ־ס. נר. < רוס < דײַטש.
הויפּטוואַכטע. ל2.
אָבאָל — דער, ־ן. < איי < גר. 1.
אַלטגריכישע מטבע, ווערט אַ זעקסטל פֿון אַ
דראַכמע. 2. קליינע מטבע אין פֿאַרשיידענע לענדער
פֿון אייראָפּע אין מיטלעלטער. 3.
אַפּטייקגעוויכט, אַ זעקסטל פֿון אַ דראַבֿמע. 4. מצ
אויך: שנירל מטבעות ווי אַ צירונג. “האָסטו
די אוירינגלעך, קרעלן, האַלדזבענדער און
אָ'ן“, פּרץ, ,אין פּאָליש אויף דער קייט,.
5. אין פֿראַנקרײַך: קליינע בײַשטײַערונג.

אָבּאָל — [ווייכע ל] דער, מצ ־עס.
איבּערגעוואַקסענער, אומגעלומפּערטער מענטש;
אָפּגעריסענער נאַר (בּימקאָ, גנבֿים). < .
אַבּאַלאָ'ן — דער, ־ען. (אויך: 'נע,
די, ־ס). < איי < 7. ים־אויערל. מאָלוסק פֿון
מין 1 □ aliotis [דאָס שעלכל מיט אַ בּיסל אַ
ספּיראַלער פֿאָרעם].
אָבּאָלאָק — דער, ־ן, ־עס. < פּויל < דײַטש
oberloch. (שטיקערײַ) ניימאַשין וואָס
פֿאַרענדיקט נייען די נאָט און שנײַדט אָפּ דעם
פֿאָדעם.
אַבּאַ'לד — אַדוו. פֿטמ. פּאָד, רומ. דזוו אָט
בּאַלד; גאָר גיך. „אַז אַבּאַלט בּוניך [= בּין אי□ I
פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין אלים בּייזן, אין מיטן
צישן לאַנד און לייט“, מס, משלי תּקע“ד, ה,
14. „אַבּאַלד, קוילעט מען יצחקן — וואו איז
דײַן רחמנות?„„ עקידת יצחק', ייִדישער
פֿאָלקלאָר, No 2. „ער האָט בּדעה אַ, היִע צו זײַן“,
יפּ.
אָבּאַלדע'יעט ווערן — פּאַס. ווער אָ', אָ,
געוואָרן. סל. < רוס. ווערן פּלוצ□.נג
צעמישט, צעטומלט.
אַבּאָליציאַניזם — דער, ־ען. 1. בּאַוועגונג

אָפּצושאַפֿן שקלאַפֿעריַ, ספּעציעל צו באַפֿרייַען
די נעגערשע שקלאַפֿן אין די פֿאַראייניקטע
שטאַטן. 2. באַוועגונג אָפּצושאַפֿן
פּראָסטיטוציע אָדער פּאָליציייאישן קאָנטראָל איבער
פּראָסטיטוציע.
אַבאָליציאָניסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
אָנהענגער(ין) פֿון אַבאָליציאָניזם. אַדי: ־יש.
אַבאָליציע — די, ־ס. 1. אָפּשאַפֿונג,
אַנולירונג; דאָס מאַכן אַ סוף צו אַ פֿירונג, דאָס
פֿאַרוואַרפֿן אַ באַגרענעצונג פֿון רעכט ווי: אַ,
פֿון נעגער־פֿאַרשקלאַפֿונג. 2. אַגיטאַציע קעגן
שקלאַפֿעריַ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
אַבאַלירן — טרוו. ־ליר, אַבאָלירט. < פֿר.
אָפּשאַפֿן, אַנולירן פֿאַרניכטן. ראָש מלון מפֿתּח,
— ,
זשיטאָמיר 1872.
אַ'באָלע — פֿקפֿ, צערטל־פֿאָרעם פֿון אַבאָ =
פֿאָטער, טאַטע. ← אַבא I. [אין לשון פֿון א"
יקינדער וואָס ריידן עבֿרית, אין לשון פֿון
עלטערן וואָס ריידן ייִדיש, געמישט מיט עבֿרית].
„עס קוועלט און עס שפּאַסט צו דאָס ציגעלע:
— אָ אַ'באָלע, אַלטער צי יונגער, מעלק אויס
מיר מייַן מילך אין אַ קריגעלע...", הל, ,דער
ווייַסער ניגון'.

אַבּאַלעץ — גנ. דאָרפֿישער ישובֿ אין אָרשער
קרײַז, מאָלעווער גובּ., [אין 80ער פֿון 19. יה
265 אײַנוו', 200 ייִדן; 1897 — 421 ייִדן,
353 — 1923 ייִדן].

אַבּאָמינאַציע — די, ־ס. < איי < ל. דאָס
וואָס רופֿט אַרויס עקל אין העכסטער מדרגה.
מיאוסקייט, עקלדיקייט; אומווערדיקייט.

אַבּאָנאָ — דער, ־ס. שפּאַ▯ 1. אַבּאָנעמענט.
גיין אין טעאַטער אויף אַן אַ., אַן אַ, אין בּאַן.
2. פּלעט. פֿאַרקויפֿן אַ'ס אויסצופּלעטן אַ ראַדיאָ.

אַבּאַנאַציע — די, ־ס. < איי < ל. דאָס
אַרויסשיקן, פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד (שטאָט, ג,)
אויף אַ יאָר צײַט. פּינסקיס ווב.

אַבּאַנדאָנירן — טרוו. ־דאָניר, אָבּאַנדאָנירט.
< דײַטש < פֿר. פֿאַרלאָזן, אויפֿגעבן.

איבּעראָבּאָע

געבן דאָס רעכט אויף עפּעס אין רשות פֿון אַן
אַנדערן. קאַרלינער, ווב.

אַבּאַנדאָנירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
פֿאַרלירן. „אין אַן עת־צרה טאָר מען זיך ניט
אַ'“.

אַבּאָנירן — טרוו. ־ניר, אַבּאָנירט (זן, אין 19.

יה, געאַבּאָנירט). אויך מיט ז י ד. < איי < פּר. 1. אויסשרײַבּן פֿאָרויס אויף אַ געוויסער צײַט (אַ חודש, אַ יאָר אאַ) אַ צײַטונג, פּעריאָדישע אויסגאַבּע. אויסשרײַבּן אַ בּוך איידער עס גייט אַרויס פֿון דרוק. 2. אָפּדינגען פֿאָרויס אַ פּלאַץ אין אַ טעאַטער אויף אַ בּאַשטימטער צאָל פֿאָרשטעלונגען אָדער אויף אַ בּאַשטימטער צײַט (דאָס אייגענע בּנוגע יעדער מין פֿאַרווײַלונג). 3. אָפּדינגען עפּעס אויף אַ בּאַשטימטער צײַט, אַ, אַ קעסטל אויף פּאָסט.

אַבּאָנירער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. ווער עס אַבּאָנירט, ← אַבּאָנענט. „מיר זײַנען שותּפֿישע אַבּאָנירערס און יעדערער וויל פֿריִער קריגן די צײַטונג„, רייד, ליטע.

אַבּאָנעמע'נט — דער, ־ן. רעכט צו זײַן אָן אַבּאָנענט. „דער אַבּאָנעמענט אויף ייִדישע שפּראָך קאָסט 2 דאָלאַר אַ יאָר“.

אַבּאָנענט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס אַבּאָנירט זיך, פֿאַר וועמען מען אַבּאָנירט. „אָפּצודרוקן אין איין בּוך פֿאַר אירע אַבּאָנענטן וועגן“, ייִל. „איך נעם אויף אַ'ן אויף דעם חודש צו מיטאָג, ניט טײַער... בּײַ מיר צו עסן אָדער צו הויז צו שיקן“, קמ, 43 1866, No.

אָבּאַנקרוטשען זיך — אויטוו. ־טשע זיך,

זיך אָבּאַנקרוטשעט. < פּויל. בּאַנקראָטירן.
„ליפּמאַן האָט זיך אָבּאַנקרוציט“, א. שובּין,
דער פּראַקטישעך בּוכהאַלטער, וואַרשע 1902.
אַבּאַ'ס — דער, ־ן. געוויכט, וואָג, פֿאַר פּערל.
מיט אַן אַכטל גרינגער ווי אַ קאַראַט.
אָבּאָסט — דער. < דײַטש. קירצונג פֿון
אָבּער־אָסט', פּינקטלעכער: oberbe▯ehlshaber
,
ost. אַדמיניסטראַטיווער געבּיט (און
פֿאַרוואַלטונג) פֿון אַ טייל שטח וואָס דײַטשן האָבּן
אײַנגענומען פֿון רוסלאַנד אין ערשטער
וועלטמלחמה. „דער אָ, האָט אַרויסגעגעבּן אַ
זיבּןשפּראַכן־ווערטערבּוך מיט ייִדיש ווי איינס פֿון
די זיבּן לשונות“. אָ־מאַרק אָדער
אָסטמאַרק = די ספּעציעלע וואַלוטע פֿאַר דעם
געבּיט.
אַבּאַסי'ד — דער, ־ן. (געוויינטלעך מצ).
מיטגליד פֿון דער צווייטער דינאַסטיע אַראַבּישע
כאַליפֿן אין בּאַגדאַד (750.——1258) [די דינאַסטיע
האָט געפֿירט איר יחוס פֿון מוחמדס פֿעטער].
אַדי: ־יש.
אַבּאַס־עפֿענדי — דער. לאָקל, חיפֿה. טעמפּל,
מאָזאָליי און פּערסישער גאָרטן אין חיפֿה (אויפֿן
נאָמען פֿון איינעם פֿון די גרינדערס פֿון דער

רעליגיע באַהאַאיזם, אויפֿגעקומען אין פּערסיע, 1844). האָט איר שוין געזען דעם אַ־ע'? לאָמיר גיין צוס אַ,־ע'.

אָבאָע — די, ־ס. 1. מוזיקאַלישער בלאָזאינסטרומענט פֿון האָלץ מיט צוויי צינגלעך אין מונדשטיק, מיט אַ דינעם מעלאַנכאָלישן טאָן. 2. רער אין אָרגל וואָס גיט אַרויס דעם קלאַנג פֿון אַן אָ'.

אַבאַפּאָלעק

אַבאַ'פּאָלעק, אָבאַפּעל — דער, ־ס.
▯ באַ'פּאָלקע. 1. ערשטע אָדער לעצטע אוק, רוס. אויך: אָבאַ'פּאָלעק,

האַלב־קײַלעכדיקע ברעט פֿון אַ צעזעגטן קלאָץ, פֿון איין זײַט באַדעקט מיט קאָרע. „די ווענט פֿון דער ערדענער כאַלופּע באַלייגט מיט אָ'עס“, פּ.רודאָי, דער וואַלדמענטש. 2. לעצטע ברעט פֿון אַ דאַך. „אַן אָ, האָט זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק אָנגעצונדן און עס האָט באַלד אַ כאַפּ געטאָן דעם דאַך„, שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע.

אַ'באָ'ק(וס) — דער, ־ן. < ל. 1. מכשיר צום

רעכענען, באַשטייט פֿון
אַ ראַם מיט דראָטן אָדער
שטריקלעך וואָס אויף זיי
גליטשן זיך שטיינדלעך
אָדער קײַקעלעך פֿון
האָלץ. 2. (
אַרכיטעקטור) די אייבערשטע פּיו.־
קאַנטיקע פּלאַטע וואָס
ליגט אויף אַ קאָלאָנע

אַבּאַקסיאַ'ל — אַד□ד□□אָ□אַ.
□ וואָס איז
אָפּגערוקט פֿון אַקס אָדער צענטער־פּונקט.

אָבּאָר — דער, ־עס. < מאָלדעוויש. בעס, רומ.
מאַרק פֿאַר בהמות (אויך פֿאַר היי, שטרוי,
שפּײַז פֿאַר בהמות). דער אָ, איז ווײַט אַרויס
פֿון שטאָט.

אָבּאָדאָ'ט — דער, ־ן. סל. < רוס. 1. אומזאַץ
(פֿון געלט, סחורה) „דער בעסטער אָ, איז
מיט גאָט“, שװ. „[דער רײַכער] האָט מזומן
געלט אָן יסורים וואָס נוצט... צום אָ,„, קמ,
2 .33 1864, No. אומדריי. באַוועגונג אַרום
און אַרום. „די מאַשין מאַכט הונדערט אָ'ן אין
אַ מינוט„. אַן אָ, בײַם טאַנצן.

אָבּאָראָ'טעוועט — אוטוו. ־ווע,

אָבאָראָטעוועט. סל. < רוס. מאַכן אומזאַץ (מיט געלט
אָדער סחורה). „די אַלע מענטשן אָן געלט וואָס
פֿאַרשטייען ניט וואָס עס הייסט אָ'“, מ. י.
בערדיטשעווסקי.
אָבאָראָטקע — די, ־ס. סל. געשעפֿט מיט
גרויסן אומזאַץ. „אַ קראָם אַן אָ„ מיט אַלע
שיקן, סחורה כאָדקע, לויטער אַנטיקן“, ר,
מרדכילע, משליס.
אָבאָראָנ(י)ען — טרוו. ־נ(י)ע, ־נ(י)עט. רוסיצ.
פֿאַרטיידיקן. אָ, דאָס היימלאַנד. אויך מיט ז י ך.
„לאַנגזאַם אָפּגעטרעטן און ניט אויפֿגעהערט
זיך אָ'“, איבּז יונה טרובּניק, די שיינע יהודית,
בּאַרדיטשעוו 1888.
אָבאָראָ
2. קאַמף־גרופּע וואָס פֿירט דורך
פֿאַרנע — די, ־ס. < רוס. 1.
פֿאַרטיידיקונג.
טיידיקונג. אָ, קעגן פּאָגראָמען. „דאָס נײַס וואָס
פּעטערבּורגער אַרבּעטער האָבּן בּאַוויזן אין דער
אָבּוכאָווער אָ'“, בּערג, בּײַס דניעפּער II.
אָבאָראָנעץ — דער, ־נצעס. < רוס.
אָנהענגער פֿון פֿאַרטיידיקן פֿאָטערלאַנד [בּעת ערשטער
וועלט־מלחמה צווישן רעכטע רוסלענדישע
סאָציאַליסטן וואָס האָבּן געהאַלטן אַז מע דאַרף

אַקטיוו מיטהעלפֿן אין קאַמף קעגן דײַטשלאַנד].
,,ער איז דאַכט זיך אַ באַוואוסטזיניקער
אַרבעטער, נאָר ער איז אַן אָ'‘, ברעגמאַן, דורך קריג
און רעוואָלוציע.

5

אַבאָ רבה — [אַ'באָ ראַ'ב□] תּח. < יבֿמות,
כא/ב. אַלטער פֿאָטער [געניצט ווי אַן
ערנטיטל, ווי אַן אויסדרוק פֿון דרך־ארץ בײַם רעדן
וועגן אַן אַלטן פֿאָטער]. ,,מײַן א, ר, קען נאָך
גיין אין בית־מדרש אַרײַן אין אַ לינדן טאָג‘‘.
אַב אָרבע קאָנדיטאָ — אַדוו פּראַזע. ל. (אויך
ווי ר‘‘ת:.A. O. C) זינט וועלטבאַשאַף, פֿון
בריאת העולם (אַזוי פֿאַרצייכנט מען די ייִדישע
צײַטרעכענונג אין ניט־ייִדישע דאָקומענטן).
אַבאָרדאַ'זש — דער, ־ן. < איי < פֿר. אַקט
פֿון אַבאָרדירן. ← דוווו.
אַבאָרדירן — טרוו. ־דיר, אַבאָרדירט. < דײַטש
< פֿר. אַרויפֿקומען אויפֿן שׂונאס שיף בעת אַ
ים־שלאַכט. ,,פּיראַטן האָבן אַבאָרדירט אונדזער
שיף און צוגענומען אַלע סחורות‘‘.
אָבאָרוואַ'נ(י)עץ — דער, ־צעס. דזוו
אַבאָדראַנעץ ←. ,,ווי נאָר אַ קעך ייִדענע, אַ

דינסטמיידל, אַ סעדעכע, אַן אָ,... זענען זיך
צונויפֿגעלאָפֿן קוקן אויף מײַן בייז־וואונדער", ייִל,
פּוילישע ייִנגל, 1895.

אַ'באָרט — דער, ־ן. לאָקל, קאָלאַמיי און ג,.
אָפּטרעט, קלאָזעט, פּריוועט (געוויינטלעך ווי אַ
באַזונדער שטיבעלע הינטערן הויז אין הויף).
„דער קהלישער אַ, האָט זיך געלאָזט הערן אין
דער גאַנצער שטאָט", ר, גרונם אָדער דיא
געפּיצטע שטיוועל, לעמבערג 1891.

אַבאָ'רט — דער, ־ן. < איי < ל. 1.
איבעררײַס פֿון שוואַנגערשאַפֿט; דער אַקט פֿון מפּיל
זײַן. נאַטירלעכער, בכּיוונדיקער, געזעצלעכער,
אומגעזעצלעכער, קרימינעלער אַ'. 2. מפּיל(ע),
מפּיל־קינד. „די זון נישט געזען, פֿון זון נישט
געטראַכט... אַלץ בעסער דעם אַבאָרט!", פּרץ,
קהלת־איבּז. 3. (בּיִאָלאָגיע) דאָס בלײַבן אין
אַ פּרימיטיווער אַנטוויקלונג־סטאַדיע.

פֿאַר □

קריפּלטקייט.

אַבאָרטי'וו — אַדי. 1. (בּיִאָלאָגיע) וואָס איז
ניט פֿולקום אַנטוויקלט (בײַ אָרגאַנען פֿון
געוויקסן און בעלי־חי); וואָס איז פֿריצײַטיק
געבוירן געוואָרן. 2. וואָס רופֿט אַרויס אַן

אַבּאָרט. 3. (מעדיצין) וואָס פֿאַרענדיקט אויף
אַ פֿאַרגיכערטן אופֿן דעם לויף פֿון אַ
קראַנקייט.
אַבּאָרטיצי'ד — דער, ־ן. דאָס טייטן דעם
וולד, עמבריאָן, אין געבערמוטער.
אַבּאָרטירן — אוטוו. ־טיר, האָט אַבּאָרטירט.
דורכפֿירן אַבּאָרטן, אָפּטרייַבן.
אַבּאָריגינאַ'ל — אַדי. 1. לכתּחילהדיק; וואָס
איז פֿון סאַמע אָנהייב פֿאַרבונדן מיט אַ געוויס
אָרט (לאַנד). אַ'ע געוויקסן, אָ'ע בעלי־חי,
מענטשן. 2. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר
אַבּאָריגע(נע)ן. „אַ'ע מידות און פֿירונגען“.
אַבּאָריגע'ן — אַדי. < ל. לכתּחילהדיק,
וואָס איז פֿון פֿריסטע צייַטן. „עס זייַנען
פֿאַרשוואונדן אַ סך אַ'ע געוויקסן און פֿויגלען“.
אַבּאָדיגע'ן
— דער, ־ען
לבּ־
וויל. 1. לכתּחילהדיקער
איינוואוינער פֿון אָרט (לאַנד). „דער האַ
דער אַ'“. 2. געוויקס אָדער בעל־חי וואָס איז
לכתּחילה געווען אין לאַנד.
אָבּאָ'רינע — די, ־ס. < וור. גרויסע אָבּאָרע ←.
אָבּאָרניק — גג.שטעטל אין פויזנער וואָיע.

ייִדן זינט העלפֿט 15. יה. 1850 — 600 ייִדן.
[לויט אַ פּריווילעגיע פֿון אָנהייב 18. יה האָבּן

אבּ״ד דק״ק

ייִדן אין אָ, געהאַט עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פֿרײַהייטן. אַ ייִד האָט געקאָנט געמשפּט ווערן נאָר פֿון דעם בּית־דין, אַפֿילו ווען דער קלעגער איז געווען אַ ניט־ייִד.]

אָבּאָרע — די, ־ס □ < פּויל, וור. 1. הויף מיט בּעל־הבּתּישקייט; אַרומצוי□ונג פֿאַר בּהמות. „וואָס ער האָט אײַנגעזאַמלט פֿון פֿעלדער, וועלדער און פֿון זײַנע אָ'ס“, אמד. „אויף יעדן הויף איז דאָ אַן אָ, מיט בּהמות צו דער שחיטה“, פּרץ. 2. שמאָל פּאַסיקל לעדער צוצובּינדן די כאָדאַקעס (לײַוונט, שמאַטעס, זאָקן) אויף די פֿיס פֿון אַ פֿערד (אין לשון פֿון גאַרבּערס, רימערס, בּעלי־עגלות).

אַבּאָרציאָניסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. < איי < ל. ווער עס פֿירט דורך אַ קרימינעלן

אַ□ □קאַ'ס — דער. מצ נבּ. < רוס < □
אבּ דט.

אַלקאָהאָלישער מילך־געטראַנק בײַ סאַיאָטן (
סיביר). „די שוימיקע משקה אַ, ◻ װאָס מע זײַערט
פֿון מילך און װאָרצלען“, שװאַרצבערג,
סיבירער דערציילונגען.
אָבאָרקע — די, ־ס (ס'רובֿ מצ). < רוס, אוק.
אַרומגעניי (פֿון זעלביקן שטאָף) אויבן אויף
אַ קליידל (אונטן אויף אַ בלוזקע) מיט פֿאַלדן
אָדער װי אַ קליאָש. „פֿון װאָס װערט גערעדט
[אין אַ װײַבערשול]? פֿון אַ יעגערהוט, פֿון אַ
טיראָלער היטעלע, פֿון אַ סאַמעטן מענטעלע, פֿון
קליידער מיט אָבאָרקעלעך“, קמ, 45 1869, No.
אַבּ"ג — [אַבּאַ'ג] פּסעװדאָנימישער ד"ת פֿון
אַבֿרהם בער גאָטלאָבער. [העברעאיש־ייִדישער
שרײַבער פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע אין
רוסלאַנד. אויף דער עלטער, בלינד און עלנט, האָט
ער עס אַליין סאַרקאַסטיש אויסגעטײַטשט:
אַלטער בלינדער גוי].
אַ'בגאַבן — די, במ. דטשמ. נר. [קורלאַנד:
אָפּגאַבן]. שטײַערן, פּאָדאַטקעס. צאָלן אַ סך
אַ.. „דאָך זײַנען זיי באַלאַסטעט מיט
גרויסע אַ'ן“, אמד, גדולת ראָטשילד, װילנע
.18◻5
אַבגאַנגס־צײַגעניש — דאָס, ־ן. דטשמ. נר.
-.

טשערנאָוויץ. באַשטעטיקונג פֿאַר אַ גימנאַזיסט אַז ער האָט דורכגעמאַכט די גימנאַזיע, אָבער ניט געהאַלטן די מאַטורע־עקזאַמענס.

אַבגעאָ'רדנטער — מצ: ־נטע. דטשמ. נר.

1. דעפּוטאַט, מיטגליד אין אַ פּאַרלאַמענט.

2. באַפֿולמעכטיקטער פֿון אַן אָרגאַניזאַציע.

אַבגרעגאַציע — די, ־ס. < דײַטש < ל. דאָס דערווײַטערן עמעצן פֿון אַ געזעלשאַפֿט. פּינסקיס ווב.

אבֿ״ד — [אַבאַ'ד] ר,,ת פֿון: אַבֿ־בית־דין.

אַבדאַ'ל — דער, ־ן. וואַנדערנדיקער מאָנאַך אין פּערסיע און אינדיע.

אַבדאַמינאַ'ל — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות, וואָס געהערט צום אַבדאָמען.

אַבדאָמען — דער, ־ס. < איי < ל. בויך, אונטערשטער טייל פֿון קערפּער, אונטערלײַב (ספּעציעל בײַ אינסעקטן).

אָבדאָרסק — גג. שטאָט אין סיביר, רוסלאַנד. [אָרט פֿון פֿאַרשיקונג אין צאַרישע צײַטן].

אבֿ״ד דק״ק — [אַבאַ'ד דעקאַ'ק] ר״ת פֿוו:

אָבֿ־בית־דין קהילה קדישא: הויפּט פֿון בית־דין פֿון דער הייליקער קהילה.

אָבּדוציִרן — טרוו. ־ציר, אָבּדוצירט. < איי
< ל. פּאַלמעסן אַ טויטן. „מע האָט דעם
געהרגעטן אָבּדוצירט און מע האָט אויסגעפֿונען...“.
אַבּדוצע'נט — דער, ־ן. (פֿיז אָלאָגיע) מוסקל
ֹ
וואָס פֿירט אַדורך די באַוועגונג פֿון אַבּדוקירן.
אָבּרוצענט — דער, ־ן. דער וואָס פּאַלמעסט.
דאָקטער וואָס מאַכט אָבּדוקציע.
אַבּדוקטאָר — דער, ־ן (־ס). 1. ווער עס
פֿירט אַוועק מיט גוואַלד, ווער עס אַבּדיקטירט.
2. (פֿיזיאָלאָגיע) יעדער מוסקל וואָס פֿירט דורך
די באַוועגונג פֿון אַבּדוקירן ←.
אַבּדוקטירן — טרוו. ־טיר, אַבּדוקטירט.
אַוועקפֿירן, אַוועקנעמען מיט גוואַלד.
אַבּדוקירן — טרוו. ־קיר, אַבּדוקירט. < איי
< ל. (פֿיזיאָלאָגיע) אַוועקנעמען מיט אַ
באַוועגונג אַן אבֿר פֿון דער מיטל־ליניע פֿון
קערפּער (למשל, בײַם אויסשטרעקן אָדער
אויפהייבן אַ האַנט).
אַבּדוקציע — די, ־ס. 1. דאָס אומגעזעצלעכע
אַוועקפֿירן פֿאַרשלעפּן אַ מענטשן. [בײַ געוו▯סע
—
,
שבֿטים איז אַ, פֿון דער פֿרוי געווען אַן אופֿן

חתונה האַבֿן]. 2. (פֿיזיאָלאָגיע) אַקט פֿון אַבֿדוקירן.
אָבֿדוקציִע — די, ־ס. פֿאַלמעסונג פֿון אַ טויטן, געווינטלעך לויט אַ באַשלוס פֿון געריכט.
אַבֿדיקאַטאָר — דער, ־ס. דער וואָס זאָגט זיך פֿריַיוויליק אָפּ פֿון טראָן, פֿון אַ הויכן אַמט (ס'רובֿ אַזאַ וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה). אויך: אַבֿדיקאַנט.
אַבֿדיקאַציִע — די, ־ס. דאָס אָפּזאָגן זיך פֿריַיוויליק פֿרן טראָן, פֿון אַ הויכן אַמט, פֿון א רעכט, אַ פֿריווילעגיִע.
אַבֿדיקירן — ־קיר, אַבֿדיקירט. אוטוו — אָפּזאָגן זיך פֿון טראַן פֿון אַ הויכן אַמט. "אַזוינע

,

ציַיטן שוין: ניסעלאַוויטש שריַיבט תּחינית און איך — אבֿדיקיר!", פּרץ. טרוו — צווינגען אַפֿזאַגן זיך פֿון טראָן, הויכן אַמט.
אָ'בֿדיריק — דער, ־רקעס. אָבֿדירקע — די, ־ס. < אוק. אויך: אָבֿדזיריק, אָבֿדיעריק. קערפּער פֿון עוף (געווינטלעך גאַנדז)
אָפּגעשרנדן און אַן שמאַלץ און אָן דרויבֿ. „יך האָבֿ נעכטן געבֿראַכט גענדז פֿון דער שחיטה, געמאַכט אָבֿדירקעס אויף צו פֿאַרקויפֿן, איז מיר

פֿאַרבליבן אַ ביסל דרויב אויף שבת“, שע, 'דאָס טעפּל'. “25 אָ'קעס אַפּילו צו האלבע קערבלעך א שטיק“, ייִל, וואָס וועט זאָגן ז.י וועלט, אַדעס.

אַבּרעראַ — גנ. שטאָט אין אַלט־גריכנלאַנד, אין טראקיע. [פֿאָלקלאָר: צענטער פֿון נאַראָנים, אַזוי ווי כעלעם (הגם פֿון דאָרטן שטאַמט דעמאַקריט און פּראַטאגאַר האַט דאָרטן געלעבט). מס בײַם שרײַבן א ווערק אויף דײַטש זיך באצייכנט: son(lerling aus Ab(lera].

אַבדעריי'ט — דער, ־ן. אײַנוואוינער פֿון אַבדעראַ ←. שוטה, אויסטראַכטער פֿון נאַרישע המצאָות. אדי: —יש.

אבדר — ← איבוד.

אָבוד — דער, ־ן. דזוו אָבאָד. „...שטיין בײַ דער אַרבעט, דרעלעווען אַ קלעצל אָדער אַרויפֿשלאָגן אַן אָ'“, בערג, 'דער לעצטער ראשהשנה'.

אבוד זמן — ← איבוד זמן.

אבוד ממון — ← איבוד ממון.

אבוד עצמו לדעת — ← איבוד עצמו לדעת.

אָבוואַ'ל — דער, ־ן. סל. < רוס. 1. אָפּריס פֿון אַ באַרג, מויער, וואַנט. 2. ערד (שטיין, ציגל, אע) וואָס האָט זיך אַראָפּגעשאָטן בײַ אַן אָפּריס. „אַ פּוילישע קרעפּאָסט וואָס שׂונאים האָבן חרובֿ געמאַכט, און עס איז געבליבן אַן אָ'", ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

אָבוואָ'ל — קאָנ. דטשמ. נר. כאָטש, הגם. „און ער רוקט זיך ווײַטער. אַזוי דאַכט זיך אים, אָ, ער זיצט אויף איין אָרט", פּרץ, 'דער משולח'.

אָבוואָלוטע — די, ־ס. < פּויל. הילע פֿון דיקלעכן, ס'רובֿ קאָלירטן פּאַפּיר איבער אַן אײַנבונד פֿון אַ בוך. „...די הילע דאַרף זײַן אויף אַ לײַוונט אָדער געוויינלעכן האַרטן אײַנבונד, מיט אָדער אָן אַן אָ'", בצג, טמז 1□19 I□ןּ 12.

אָבוו — די. סל. שוכוואַרג. אַ געשעפֿט פֿון אָ', ער פֿאַרקויפֿט אָ'.

אָבוויע — די, ־ס. < פּויל. שוכוו— — געארג.

שעפֿט פֿון אָ'. אויך: אָבךּוונע געשעפּט. "האָט זיך געמאַכט אַ געוועלב פֿון אָ, מיט אַלערליי גרייטע שיך, שטיוול, קאַמאַשן", איבז פֿון טאַרלער רבינס ספֿר הדרת אליהו.

אָבווינ אַיען — טרוו ־נ אַיע, אָבווינ אַיעט.
י . י י

רוסיצ. באַשולדיקן (ספּעצ אין רוסישן
געריכט, פֿאַר אַ רוסישן אַמט). אָ, אין רויבעריי.
„מיר קענען דעם שילער גאָרניט אָ', מיר קענען
דאָך ניט זאַסטאַדוען אים...“, קמ, 1868' No 17.

אָבוויניטעל — [ווייכע ט און ל] דער, ־עס.
רוסיצ. באַשולדיקער, פּראָקוראָר. „דער אָ,
האָט געפֿאָדערט די העכסטע שטראָף“ ־ני
.
אַקט = באַשולדיקונגס־אַקט.

אָבווינ(י)עניע — די, ־ס. רוסיצ.
באַשולדיקונג. „איך האַלט אַלע אָנגעקלאָגטע פֿאַר
אומשולדיק און של□אָג פֿאָר, מע זאָל זיי באַפֿרייען
פֿון דער אָ'“, ייִפֿאָל, 29 1883, No.

אָבווערטקע — די, ־ס. < רוס. אויך:
אָבוויאָרטקע. (איינבינדעריי) פֿאָדערשטע און
הינטערשטע בלאַט וואָס מע גיט צו ביים
איינבינדן אַ בוך.

אָבוז — דער, ־ן. < פּויל. אַרבעט־לאַגער (אין
דער ערשטער תּקופֿה פֿון נאַצישער אָקופּאַציע).
„יעדער פּאָליציאַנט איז אַ גרויסער לאָבוס, ער
וויל מעות, אַנישט כאַפּט ער אויפֿן אָ'“,
רינגעלבלוס־אַרכיוו, 172 1941, No. „דער ציל פֿון די

אַ'ן איז געווען צו פֿאַרפּײניקן און פֿאַרקריפּלען
געזונטע ייִדישע יונגעלײט“, דאָרטן, No 392.
־ניק — דער, ־עס. ווער עס אַרבעט אין אָבוז.
אַבוזירן — טרוו. ־זיר, אַבוזירט. אָנזעצן;
קריוודען. „...זה כמו שנה מיך עם ששה אַלפּים
רט'...אַבוזירט ועלי היה לשלם“, אגרת שלמה.
פּרגל. אַבוסירן.

.

אָבוזע — די, ־ס. סל < רוס. איבעריקע, צו
גרויסע טרחה; יאַך, עול פֿון פֿליכטן. “קאָכן,
וואַשן, נ אַנטשען, נאַכגעבן אַלעמען די שמד —
י
א צו גרויסע אָ, פֿאַר מיר“. „ווי קאָן אַזא
רוחגיות איבערטראָגן אַזאַ אָ, פֿון הונדערטער
מענטשן“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, 1895.

אָבזשאָרע

אַבוטילאָ'ן — דער, ־ען. (באָטאַניק)
אַלגעמיינער נאָמען פֿאַר אַ
פֿאַרצווײַגטער משפּחה
געוויקסן, ווילדע און
קולטיוווירטע. די אָדערן פֿון ווילדן
אַ, ווערן גענוצט אין דער

פֿאַבריקאַציע פֿון געוויסע
סאָרטן פּאַפּיר. דער
קולטיווירטער אַ, איז אַ באַציר־בלום מיט געלע און
רויטלעכע בלעטער. פֿון אַראַביש: Abutilon.
ל Ma1vaceae.
אָבוך — דער, ־ן. < אוק. רוקן (גראָבע, טעמפּע
זײַט) פֿון האַק. געבן, דערלאַנגען מיטן אָ,
איבערן קאָפּ = אויך: פּלוצעם איבערגעבן
אַ שלעכטע בשׂורה, פּריטשמעליען.
אָבוכאָוו — גנ. שטעטל אין קיִעווער גוב.,
אוקראַאינע. באַקאַנט אויך ווי: אָבוכאָוויטש.
1897 — 8,596 אײַנוו, פֿון זיי 1,140 ייִדן.
,
אַבוליאל — [אַבוליִ'על] הויפּט פֿון די
מלאָכים וואָס נעמען אויף תּפֿילות פֿון פֿאָלק
ישׂראל. „צו אַלע פֿיר זײַטן פֿון דער וועלט
שטייען אויף דעם הימל מלאָכים ממונים און
די תּפֿילות גרייכן צו איין ממונה...און איבער
זיי איז אַ מלאך און זײַן נאָמען איז אַ'“, קח.
אַבוליע — די, ־ס. < איי < גר פֿאַרלוסט
.
אָדער פֿאַרקלענערונג פֿון ווילן־קראַפֿט.
אַבוסירן — ־סיר, אַבוסירט. שפּאַ. אוטוו
— פּטרן צײַט, טאָן ניט ווי עס פֿאָדערט זיך.

אַ, אין דער אַרבעט. טרוו — אויסניצן עפּעס (עמעצן) לרעה. אַ, די סיטואַציע, דעם יקרות און העכערן די פּרײַזן אויף לעבנסמיטל. (פֿרגל: אַבוזירן). .

אָבורקאָווי — דער. < פּויל. באַדינער פֿון בית־הכּסא אין טורמע. "דער ,פּאַן, אָ, איז דער באַדינער פֿון בית־הכּסא, רעכנט זיך שוין צווישן די פֿונקציעס, ער זיצט נישט אין קיין פֿאַרמאַכטער קאַמער,,, הירשהויט, פֿינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק.

אַבזאַץ — דער, ־ן. דטשמ. נר. פּאַראַגראַף. איבערזעצן דעם לעצטן אַ, פֿון אַרטיקל. ,,דאָס אַלץ...אויסגעפֿאָרעמט אין אַ קורצן אַ'", לדב.

אָבזוי, אַבזוי — דער, ־ען. < פּויל. דזוו אַבאַפּאָלעק, ב1. ייִהאנ, No 5.

אַבזויקע — די, ־ס. לאָקל, גראָדנע. לאַנגער שפּליטער פֿון האָלץ, לאַנגער הובלשפּאָן.

אַבזיכט — די, ־ן. דטשמ. נר. 1. מיין, כּוונה, פּניה; ציל. איך האָב ניט קיין שלעכטע אַ'ן. ,,מענטשן מיט בייזער אַ'...האָבן אים געבראַכט צו אַ גראַד פֿון פֿאַרשווענדונג", קמ, 2. 31 1865' No. אויפֿזיכט, השגחה; אַרכ. ,,...ווירט מען שומרים שטעלן אבזיכט צו האבן", 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ,,ז,

יובל I, 345.
אַ'בּזיכטלעך — אַדי. דטשמ. נר. בּכּיוון, אומישנע. "דער יונג טוט עס אַ,,,.
אָבּזשאַ'לעווען — טרוו. ־עווע, אָבּזשאַלעוועט. רוסיצ. 1. אָנקלאָגן. אַרויסקומען מיט אַ תּבֿיעה, מאָנונג. 2. איבּערקלאָגן אין אַ העכערן געריכט. אָ, דעם אורטייל.
אָבּזשאָרע — דער & די, ־ס. סל. < רוס, וור. פֿרעסער, זולל־וסובֿאניק. ,,איז ער אַן אָ', ער

אָבּזשאָרקע

קען אויפֿעסן אַן אָקס מיט די קאָפּיטעס". אויך: אָבּזשאָרניק, וונ ־ניצע.
אָבּזשאָרקע — די, ־ס. < רוס. וואָלוועלע קיך. פֿרעסאַרניע. ,,אַרײַנכאַפּן אין אָ, אויף

▯

איין פֿוס פֿאַר אַ גראָשן אַ לויטערן קוליש".
אָבּזשינקעס — די, בּמ. < וור־ יום־טובֿ נאָכן שניט בּײַ די פּויערים אין רײַסן. בּרומילאָוו, שטילע ערד.
אָבּזשירקעס — די, בּמ. סל. פּלאָסטן, פּלאָסטער; שמאַלץ אַרום אינגעווייד. קישקעס פֿון אַן עוף. ,,די שמאַלץ צו פֿאַרקויפֿן דער

גבִירה לאה...די אָ, דער מאַדאַם קרעל, — וועט איר בלײַבן אויף קאַרטאָפל און מעל“, דאָמעראַצקי, איבז פֿון יל״ג, ייִפֿאָל, 1888, No 1.

אָבזשעטשקע — די, ־ס. (געוויינטלעך מצ). פֿד. < פויל. רעשטל, אָפּגעשניטענע סחורה אָדער שטיקל מעטאַל. „געעפֿנט אַ סקלאַד פֿון אַלט רוסיש אײַזן, אַלערהאַנט אָ'ס“, קמ, 1870, No 22.

אָבטוראַטאָר — דער, ־ס. < איי < ל. מיטל, אינסטרומענט צו פֿאַרשטעלן, פֿאַרמאַכן אַן עפֿענונג (דער פֿאַרטונקעלער אין פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט). מעטאַלענע פלאַטע צו פֿאַרמאַכן אַבנאָרמאַלע עפֿענונג אין מענטשלעכן גוף.

אָבטענירן — טרוו. ־ניר, אָבטענירט. אַרכ. באַקומען, קריגן. „...אפֿשר לטובֿתי שם גוט קונדיציאָן אובטינירן ווער„, אגרת שלמה.

אָבטשוגע — גנ. ייִדישער דאָרף אין אָרשער קרײַז, מאָהילעווער גובּ, (אין סאָוועטישע צײַטן). פֿריִער: אָפּצוהע [1897 — 421 ייִדן, 272 — 1923 ייִדן].

אָ'בטשעסטווע — די, ־ס פֿטמ. 1. דזוו.

אָבשטשעסטווע. 2. יחוסדיקער טייל פֿון געזעלשאַפֿט. „היום יום א', כד אָבֿ, תקס״ט לפ״ק,

פּ,,ק קיובֿ...בּחרנו...יחידי סגולה הנקראים אָ,“,
'פּנקס פֿון חבֿרה קדישא', קיִעוו.
אַבּי, קאָנ. < פּויל. 1. (דריקט אויס דאָס
צופֿרידנשטעלן זיך מיט אַ מינימום) גוט וואָס,
גענוג וואַס. ,,אַ, ער איז געקומען געזונט און
גאַנץ“. ,,זאָל ער זײַן אידל, זאָל ער זײַן נת▯אַ,
אַ חתן,,, פֿוול. ,,נפֿטר, פּיפּטער אַ, געזונט!“,

פֿוול. ,,עט, וואָס מאַכט עס אויס? אַ,
איבֿערגעקומען; אַ, אָפּפּטרן מישטיינס געזאָגט דאָס עסן;
אַ, כאַפּן אַ דרעמל, אַ נאַכט איבֿערצולעבֿן▯ אַ,

.

יוצא זײַן און ווי ס'איז דערהאַלטן די נשמה,,,
ממוס, ווינטשפֿ. 2. (דריקט אויס דאָס
אַרויסהייבֿן אַ בּאַדינג) נאָר מיט אַ תּנאַי. ,,נעם, אַ,
שווײַג!“ ,,זאַל עס זײַן פֿון אַ קאָזאַק אַ, צו
געזונט“, שוו. ,,איך וועל דיר שענקען אַפֿילו אַלע
אוצרות פֿון גזילה וואָס איך האָבֿ, אַ, גיבֿ מיר
אויס אַ תּשובֿה“, נחבֿ, 'מעשׂה מחכם'. ,,זיי
וועלן אונדז פֿאַרזאָרגן, אַ, מיר זאָלן נאָר פֿאָלגן
וואָס זיי וועלן הייסן“, ממוס, אין אַ
שטורעמצייט. 3. (דריקט אויס אומפֿאַרמײַדלעכע
פֿאַרבֿינדונג צווישן פֿאַקטן, געשעענישן) אויבֿ נאָר,
וויבֿאלד נאָר עס איז דאַ. ,,אַ, יאַרן, צרות קומען

אַליין״, ‎ שוו. „אַ אַ פֿערד, אַ בײַטש געפֿינט

,

מען״, שוו. 4. (דריקט אויס מינימום־תּנא ‎) נאָר, בלויז. „דאָס לעצטע העמד פֿאַרקויפֿן אָ, רײַך צו זײַן„, פֿוול. „איך וואַלט...דאָס העמד אַוועקגעגעבן, אַ, זײַן ווי ער אַ משורר״, ממוס, דאָס קליינע מענטשעלע. „דער

שוואַכע7

רער איז גרייט זײַנע לעצטע כּוחות אָנווערן, אַ, בײַקומען דעם שטאַרקערן״, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. 5. (דריקט אויס ציל, כּוונה) כּדי, כּדי כאָטש, כּדי נאָר. „דער ערלעכער עסט אַ, זײַן לײַב זאָל זאַט ווערן״. „טוזשע דאָס מײַן קינד וויא דיא קענסט, אַבּיא אַנטרונין צו ווערן„, מס, משלי תּקע״ד, יג, 25. „אין זכר לגלות, אין זכר לטיט און אַלערליי וויסטע עינויים, אַ, צו פֿאַרגאַלן די רגע פֿון פֿרייד, פֿאַרשטערן דאָס ביסעלע רו אים״, יהואָש, ,זכר לחורבן'. „גוט, שלעכט — אַ, אויסגעפֿירט!״, פֿוול. 6. (דריקט אויס הנחה) נישט געקוקט אויף דעם, הגם, כאָטש. ער באַנאַרישט זיך, אַ, מע זאָגט אַז ער איז אַ קלוגער.

אָבִי — די, ־ס. < יאַפּאַניש. ברייטער וויקל. גאַרטל איבער דער קימאָנע. „טו איך אָן מײַן שענסטע קווייטלדיקע אָ, און טורעם אויף די שוואַרצקייט פֿון מײַנע האָר“, א. שומיאַטשער, אין שעהן פֿון ליבשאַפֿט.

אַב. אָגענעזיס(־זע) — דער (די). מצ נב. ׳

< איי < גר. ספּאָנטאַנער אויפֿקום פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן אָדער לעבן פֿון טויטן חומר. אַדי: ־נעטיש.

אָ'ביאַד — דער, ־ן. סל. < פּויל. אויך: אָביד. מיטאָג, וואַר(ע)מעס. הויפּט־מאָלצײַט פֿון טאָג. עסן אַ גרויסן אָ'. „קען מען דען זיך משער זײַן די גדולה, וואָס השי„ת מיט דער שכינה האָבן, אַז דער עסט זייער אַ גרויסן אָב אַד“, 'גדולת ר, ׳

וואָלף מטשאַרני אָסטרה, [יפּ].

אָביאַוולעניע — די, ־ס. רוסיצ. מעלדונג, מודעה. מאַכן, איבערלייענען, אַרויסהענגען אַן אָ'. “דערנאָך האָב איך געלייענט... אַ נײַע מאָדע אָ, פֿון אַ כערסאָנער ייִד אַז ער האָט געעפֿנט אַ נײַע ייִדישע יאַטקע“, קמ, 1864, No 18.

אָביאַוועו — טרוו. ־ווע, אָביאַוועט. סל. < רוס. 1. לאָזן וויסן, מודיע זײַן, מפֿרסם

זײַן. „...איז געקומען אַ יונגער דאָקטער און
האָט אָבּיאַוועט...קאָנסולטאַציעס פֿאַר אָרעמע
קראַנקע אָן געצאָלטס„, קמ, 30 1863, No.
2. אָפֿיציעל מעלדן (ווי אַן אַקט פֿון דער
מאַכט). אָ, די צײַט ווען די פּריזיווניקעס דאַרפֿן
זיך שטעלן. „מע וועט בּאַלד אָ, טאָרגעס אויף
דער הינער־טאַקסע“, ממוס, טאַקסע. 3.
דערקלערן, שטעמפּלען פֿאַר אַזאַ און אַזאַ. „און
דער של“ה האָט אים אָבּיאַוועט פֿאַר זינדיק“,
י. ל. גאָרדאָן, שיחת חולין.
אָבּ אַוועןן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
דעקלאַי
רירן, אַליין מעלדן וואָס מען איז. אָ, זיך
פֿאַר בּאַנקראָטשיק. „און אַז ער וויל, אָבּ
אַי
וועט ער זיך דאָס ער געהערט גאָר צו קיין
אמונה ניט“, ייִפֿאָל, 26 1881 XI.
אָבּ אַזאַ'טעלנע — [ווייכע ל] אַדי. נאָר
פּרעי
דיקאַטיוו. רוסיצ. אָבּליגאַטאָריש, חיובֿדיק,
„...דער ייִדישער רעליגיאָנס־אונטעררכט זאָל
זײַן אָבּליגאַט (אָבּיאַזאַטעלנע) פֿאַר ייִדישע
קינדער“, קמ, 1865, No 15.
אָבּ אַ'זאַנאָסט — [ווייכע ט] די, ־ן. רוסיצ.

י
התחיבֿות, מוז, פֿליכט. „פּטור פֿון אַלע אָ'ן„, קמ, 1862, No 10 פֿאַר דיר איז אַ פֿליכט צו
״ .
געדענקען דײַנע אָ'ן, ווען אַפֿילו זיי זײַנען דיר אַ ביסל שווערלעך“, בריוו.
אָבֿ אַ'זעווען — טרוו. ־זעווע, אָבֿ אַזעוועט.
י

אָבֿידעט

רוסיצ. אַרויפֿלייגן אַ חובֿ אויף עמעצן, מחייבֿ זײַן. אָ, יונגעלײַט צו דינען פֿאָניען. אָ, דעם בעל־חובֿ אײַנצוצאָלן די ראַטעס צו דער צײַט.
אָפֿט מיט ז י ך — זיך מתחייבֿ זײַן, זיך אונטערנעמען. „היינו, ער...אָבֿיאַזעוועט זיך... זיך צו יאַווען אין דער פּאַלאַטע“, קמ, 1862, No 10.
אָבֿ אַסנ אַיען — אוטוו. ־ניאַיע, ־נ אַיעט.
י י י
רוסיצ. פּפּ: אָבֿעסניאַיען. דערקלערן. „ער האָט דאָס באַלד ערציילט זײַן ווײַבֿ און האָט איר אָבֿעסניאַיעט אַז...“, תּחית המתים, וואַרשע 1902. מיט ז י ך — 1. זיך דורכשמועסן,

זיך דורכרעדן מיט עמעצן. (ספּעציעל: זיך דערקלערן אין ליבע). 2. געבּן דערקלערונגען פֿאַר אַן אַמט. „צי מיר האָבּן געמאַכט [מיט דער פּראָשעניע] צי נישט — איז אונדזער זאַך; דערווײַל שרײַבּן מיר און ער לאָז זיך אָ'", קמ, 43 1870, No.

אָבּ אַסנ(י)עניע — די, ־ס. רוסיצ. (אָפּיציעי לע, פֿאָרמעלע) דערקלערונג. „ער האָט טאַקע דערויף געמוזט געבּן אַן אָ'", קמ, 43 1870, No.

אָבּיאָרטקע — די, ־ס. סל. < רוס. פּאַפּירענער צודעק אײַנצוּוויקלען בּוך, העפֿט. „דער לערער האָט געהייסן אַרויפֿטאָן אָ'ס אויף די בּיכער און העפֿטן".

אָ'בּיד — דער, ־ן. < אוק. 1. רייף פֿון ראָדרינג. אָבּאָד. 2. (סטעלמאַכערײַ) געבּויגן שטיק האָלץ מיט אַזוי פֿיל צוגעגרייטע לעכער וויפֿל מע דאַרף אין ראָד. אויך: אָ'בּידע.

אָבּי'ד — דער, ־ן. סל. < אוק. אויך: אָבּיעד, רוסיצ. מאָלצײַט; ספּעציעל מאָלצײַט וואָס כלהס צד גיט חתנס צד פֿאַר דער חופּה, דאָרטן וואו חתנס צד שטייט אײַן [מע פֿלעגט שיקן די קלעזמער צו שפּילן אַ וויוואַט צום אָ']. בּריוו.

אָבּיד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע, אָבּיד(י)עט. סל. <

רוס. 1. באַליידיקן פֿאַרשעמען. „דו האָסט מיך
,
אָבידיעט מיט דײַנע רייד“. 2. באַעוולען,
קריוודען. „אַ מענטש אַ חשובֿער וועט קיינעם ניט
אָ“", שוואַרצבערג, סיבירער דערציילונגען. „און
אַז ס'וועט טאַקע קומען [צו אַ גט], וועט איר
ניט וועלן אָ, איער ווײַב“, ייִל, פּוילישע ייִנגל,
.1895

אָביד(י)ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אָנברוגזן. "וואָס האָסטו זיך אָבידיעט אויף מיר?
איך האָב ניט געוואָלט דיך באַליידיקן“.

אָבידנע — אדי. (נאָר פּרעדיקאַטיוו און אַדוו).
סל. < רוס. וואָס רופֿט אַרויס אַן אָבידע,
באַליידיקונג, קריוודע. „די עלטערן האָבן זיך
געמוזט אַרײַנמישן און אַזוי צעטיילן די בולקע
צווישן די קינדער אַז קיינעם זאָל ניט זײַן אָ'„,
ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

אָבידע — די, ־ס. סל. < רוס. באַליידיקונג;
קריוודע, עוולה. „פֿאַרטיידיקן און זיך אָננעמען
פֿאַר זייערע אָ'ס“, שווארצבערג, סיבירער
דערציילונגען.

אָבידעט — אדי. סל. < רוס. אויך: אָבי—
דיעט. באַליידיקט; באַעוולט, פֿאַרשטויסן.
פֿארפֿלוכט זאָל זײַן דער וואָס פֿאַרשטאָפּט די

”
אויערן ניט צו הערן די יללות און די קרעכצן
פֿון די אומגליקלעכע און אָ'ע און
נויטבאַדערפֿטיקע“, ממוס, טאַקסע. „וואָלט דאָך יעדער
מענטש באַדאַרפֿט ערבֿ יום־כּיפּור אַרומגיין צו

אַבּי וואו

זײַנע אָ'ע און זיך אָפּרעכענען מיט זיי פֿײַן,
אָרנטלעך„, יודישער פֿאָר־פּסח.

אַבּי וואו, — אַדוו. וואו □יט איז, וואו עס
זאָל ניט זײַן, קיין חילוק ניט וואו. נעכטיקן
אַ, וו', געפֿינען אַ, וו אַ דאַך איבּערן קאָפּ,
,

איבּערזומערן אַ, וו, אאַזוו.
אַבּיוו□ל — □. תּושבֿ, □טענדיקער
אײַנאָ

ווייכע □] דער, ־עס. אויך:
טעל
.
בּיוואָט

וואוינער פֿון אַן אָרט. 2. הויז־אייגנטימער. „ווי
נאָר ער ווערט אַן אָ, אָדער אַ בעל־החצר, ווערט
ער באַלד אַן אַנדער מענטש„, ליאָנדאָר, בש,
1877. 3. ניט קיין געזעלשאַפֿטלעכער מענטש;
ווער עס קלערט תּמיד נאָר וועגן זײַנע
קליינלעכע אינטערעסן. אַ צוגאַנג פֿון אַן אָ,. 4.
קליינבירגער; ווער עס דענקט ניט און פֿירט
זיך ניט אויף אויפֿן סאָוועטישן שטייגער. סאָוו.
„ווי קומט אַזאַ אָ, צו פֿאַרנעמען אַזאַ הויכן
פּאָסטן? ער דאַרף האַנדלען מיט סאָדע־וואַסער“.

אָביוואַ'טעלסטווע — די, ־ס. (זן). < פּויל.
בירגערשאַפֿט, בירגעררעכט (אָפֿט פֿאַרבונדן
מיט וואוינרעכט) אין זעלבשטענדיקן פּוילן.
באַקומען די אָ'; אַוועקנעמען, פּסלען עמעצנס
אָ'.

אָביוואַ'טעלשטשינע — [ווייכע ל] די. מצ
נב. רוסיצ. אייגנשאַפֿט פֿון אָביוואַטעל, בב
3־—4.

אַבי וואָ'ס — פּראַ, סוב. וואָס ניט איז, עפּעס
וואָס, קיין חילוק ניט וואָס. אַ, וו', נאָר גיב עסן.
יוצא זײַן, אָפּקומען מיט אַ, וו'. זיך צודעקן
מיט אַ, וו.. „אויף ייִדיש האָט מען געשריבן
אַבי וו□ , אַ, וו„„ שנ, וועגן ייִדישע שרײַבער I.

אַבי וואָ'סער — פּראַ, אַדיעקטיוויש. וואָסער

(וועלכער) ניט איז, וואָסער עס זאָל ניט זײַן,
קיין חילוק ניט וואָסער. מאַכן הײַזעלעך פֿאַרן
קינד פֿון אַבי וואָסערן שטאָף; פֿון אַ, וו, גרייס
(הייך); פֿאַרבֿרענגען מיט אַבֿי וואָסערער פֿרוי;
וואַרטן אויף אַבֿי וואָסערע קונדן.
אַבֿי ווי, — אַדוו. ווי ניט איז, אויף וואָסער
ניט איז אופֿן, קיין חילוק ניט ווי. מאַכן אַבֿי
ווי = אויף גיך, פּטור צו ווערן. פֿאַרטיק ווערן
אַבֿי ווי = קוים מיט צרות, אַבֿי געענדיקט.
אַ, וו, לעבֿן, אַרבֿעטן, זיך אָנטאָן אאַזוו.
אַבֿי ווײַטער — פֿראַזע. ווי שלעכט (שווער)
--
עס איז ניט איצט, נאָר עס זאָל שפּעטער ניט
זײַן ערגער (נאָר עס זאָל ז ײַ ן אַ שפּעטער, אַ
ווײַטער). [פּאָפּולער אין געטאָס אונטער די
נאַציס]. „אַז עס פֿלעגט אין ראָדעמער געטאָ
דורכגיין אַ שטיקל צײַט רואיק, האָט מען זיך
געטרייסט: „דאַנקען גאָט, אַ, וו"“...די ערשטע
רעוויע וואָס דער אַרטיסטישער קרײַז האָט דאָרטן
געשטעלט אין דעצעמבער 1941 האָט געהייסן
„אַבֿי ווײַטער“. אין לאָדזשער געטאָ האָט
איינער פֿון די צאָלרײַכע, מיט דער האַנט
געשריבֿענע זשורנאַלן געטראָגן דעם זעלבֿיקן נאָמען“,
בלום.

אַבי וועלכער — פּראַ, אַדיעקטיוויש.
וועלכער (וואָסער) ניט איז, וועלכער עס זאָל ניט
זײַן, קיין חילוק ניט וועלכער. נעמען אַבי
וועלכן ישיבֿה־בחור; פֿון אַ, וו, גרייס; חתונה
האָבן מיט אַ, וו, פֿרוי; אַבי וועלכע מאַטעריאַלן.
אַבי ווע'ן — אַדוו. ווען ניט איז, ווען עס

זאָל ניט זײַן, קיין חילוק ניט ווען. אַבי ווען
אַרײַנקומען, פֿאַרענדיקן, אָפּגעבן אַ חובֿ אאַזוו.
אַבי ווע'ר — פּראַ, סובֿ. ווער ניט איז,
ווער עס זאָל ניט זײַן, קיין חילוק ניט ווער.
זאָל קומען אַ, וו', נאָר ניט בלײַבן זיצן אַליין.
„אַז מע וואַרט אויף אַ, וו, — קומט אַ בער“,
שוו. אַז אַ פֿרײַנד העלפֿט ניט, וועט אַ פֿרעמדער
אַ, וו, אַוודאי ניט העלפֿן. *ניט אַבי ווער =
ניט גלאַט אַזוי אַ מענטש, ניט קיין
דורכשניטלעכער. „סאַלטשעס חתן איז נישט אַ, וו, —
ער
איז אַ יונגער דאָקטער“, ספּ, סודות. „נאָר איין
איידעם האָב איו, שוין נישט אַזאַ גרויסער
קענער, נאָר אויך נישט קיין אַ, וו,“, שע, קליינע
מענטשעלעך. „אין פֿינצטערניש בויט פּאַלאַצן

און טורעמס צו גאָט אַבּי־ווער„, הל. אַקוזאַטיוו, דאַטיוו — אַבּי ווועמען. זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף אַ, וו'. „איך וויל נישט נעמען אַ, וו„„, מ. געבּירטיג.

אַבּיו'זן — טרוו. אַבּיו'ז, אַבּיוזט. אַמ. 1. אויסניצן, שלעכט בּאַהאַנדלען. 2. בּאַליידיקן, זידלען. פֿרגל: אַבּוזירן, אַבּוסירן.

אָבּיושען — טרוו. ־שע, אָבּיושעט. > פּויל. שלאָגן בּיז עס רינט בּלוט; צעבּלוטיקן. „ כוליגאַנעס האָבּן אים געפּאַקט אין אַ הינטערגעסל און אָבּיושעט“.

אָבּיזשאַיען — טרוו. ־יע, ־יעט. רוסיצ. בּאַליידיקן, פֿאַרשעמען; בּאַעוולען. „ווי אַזוי דאָס קינד קלאָגט זיך נעבּעך אַז מען אָבּיזשאַיעט אים„, שע, קינדערשפּיל. „געווען...צוויי בּרידער, איינער אַ גוטער, דער אַנדערער אַ שלעכטער. דעם גוטן האָבּן אַלע אָבּיזשאַיעט, דער שלעכטער האָט אַלעמען אָבּיזשאַיעט“, ייִפֿאָל, 1887, .No 27

אַבּיטואיר — דזוו אַבּיטורירן ←.

אַבּיטוריע ט — דער, ־ן. ווג ־ין, ־קע, ־ס. > דײַטש > ל. תּלמיד אין לעצטן קלאַס מיטלשול, גימנאַזיע. ווער עס האַלט די אַרויסלאָז־עקזאַמענס פֿון אַ גימנאַזיע. ווער עס

פֿאַרענדיקט גימנאַזיע.
אַבּיטורירן — אוטוו & טרוו. ־ריר, אַבּיטורירט. זײַן (ווערן) אַן אַבּיטוריענט. אַ, די גימנאַזיע, אַ, פֿון דער גימנאַזיע.
אָבּיטשייקע — די, ־ס. < וור. אויך:

אָבּעטשײַקע. ראַנד (ווענטלעך, זײַטן) פֿון אַ זיפּ, רעשעטע, קאָשיק, פּויק (געמאַכט פֿון קאָרע אָדער דינינקע בּרעטלעך).
אָבּיטשע — די, ־ס. (אצ זן). < פּויל.
1. וואַנטפּאַפּיר (קומט אין בּרייטע פּאַסן, אין פֿאַרשיידענע קאָלירן, מיט כּלערליי אוזאָרן), טאַפּעטן. ,,אַ קײַלעכדיק לעכל אין וואַנט. ס'האָט אויסגעקוקט ווי אַ טייל פֿון דעם אוזאָר פֿון דער אָ'‘‘, ש. סײַמאָן, צווײַגן. 2. (אײַנבּינדערײַ) געפֿלעקט פּאַפּיר צו בּאַקלעפּן די טאַוולען פֿון אַ בּוך.
אַבּיי, — אדוו. אַהער; דערבּײַ. ,,אזוא בּלד
-

אַלש דער חודש ניסן קומט אַבּייא הערט מן אויף דיא גאַס איין גרויש גישרייא‘‘, פּפּ̄מ, 'בּחורים־ליד', 1750, ייִבּל, III ▯(. ,,האָסט מיך ליבּ, מײַן גוטער טרײַ [= נאָמען פֿון אַ הונט], בּרענג דו אַצינד אַ פּאָר [בּיינער] אַבּײַ. איינעם ווערסטו

...אונטער דער טיר קענען געפֿינען,,, עט,
משליס.

אַ ביסל

אַבײ — [אַבּאַ'יע] < אַרמיש: מײַן פֿאָטער.
1. נאָמען פֿון אַ באַרימטן אַמורא פֿון בבֿל,
ראָש־ישיבֿה פֿון פּומפּדיתא. זײַנע מאמרים און
הלכות זײַנען צעשפּרייט איבער גאַנץ גמרא.
חדר־לידל: ,,מעשׂה בּרבּי אליעזר — ער האָט
(מע האָט) צעבראָכן די גלעזער. אָמר אַ, —
מע דאַרף קויפֿן נײַע,,. 2. נאָמען פֿון נאָך
אַמוראָים (כּתובות, צד/א, ערובֿין, סבּ/א).
,,פֿון אָמר אַבײ איז ניט קיין ראַיה“, שוו
[= אַ מיינונג פֿון אַ באַרימטן מענטשן, איז
א □ □ ור □ — [אַבּאַ'יע ווייראָ'ווע] צבּ.
נענ   ניס ייִן באַוווײַז].

□

מען פֿון צוויי אַמוראָים. [גאָר נאָענטע חבֿרים,
געלערנט צוזאַמען און זיך מתווכּח געווען.

זייערע וויכּוחים, סבֿרות און חידושים אין הלכה,
וואָס צייכענען זיך אויס מיט חריפֿותדיקן פּלפּול,
ווערן אָנגערופֿן הוויות דאבּיי ורבֿא (סוכּה,
כּח/א). אומעטום וואו ס'איז פֿאַראַן אַ
חילוקידעות צווישן אַבּיי ורבֿא, בּלײַבּט יעדער מאָל די
הלכה ווי רבֿא, חוץ בּײַ די זעקס הלכות יע״ל
קג״מ (←), ווען די הלכה איז ווי אַבּיי (בּבֿא
מציעא, כּבֿ)]. „אוי, אוי, אָמר רבֿא: אוי, אוי,
אָמר אַבּיי“, ייִש איבּז, ,דער מתּמיד'. אַ בּקי
אין די הוויות פֿון אַבּיי ורבֿא = האָט טיפֿע
קענטעניש אין אַ סך ענינים. „עס איז ניט
וויכטיק ווען אַבּיי ורבֿא האָבּן געלעבּט, עס איז
וויכטיק וואָס אַבּיי ורבֿא האָבּן געזאָגט“,

רבּניאָבּ□ □קע
י — די, ־ס. > פּויל. (קצבֿיש)
אָפּש ר ז ג ווענן חכמת ישׂראל.

געשונדענע בּהמה. אין וורר אויו: דער
בּרייאבּ□ער טייל פֿון די קישקעס פֿון אַ בּהמה.
ע — קאָנ. פּר. זאַמעט, קורלאַנד. > פּויל.
ט

-

קאָנטאַמינאַציע אַבי + byle (tylko). דזוו אַבי, אַ, וואָס, אַ, ווער, אַ, ווי.

אַבּיסיניע — גג. מאָנאַרכיע אין מזרח־אַפֿריקע, אויך עטיאָפּיע. ← פֿאַלאַשן. [לויט אַבּיסינישער לעגענדע שטאַמט די קיניגלעכע משפּחה פֿון שלמה המלך און מלכּה שבֿא]. „דער חתן רײַזט מיט דיזן רויבּער...בּיז זיי קומען צו דאָס לאַנד אַ"“, מרדכי ואסתּר, ווילנע 18▯2.

אַבּיסיניש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַבּיסיניע. אַ, דאָרף.

אַ בּיסל — אַדוו, אַדי פֿראַזע. 1. ווי אַן אַדוו צו אַ ווערבּ: אין אַ קליינער מאָס, היפּוך צו אַ סך. „אַ בּיסל שלאָפֿן, אַ בּיסל דרימלען, אַ בּיסל מיט דיא הענט פֿאַר לייגט ליגן...“, מס, משלי תּקע"ד, ו, 10. „דער טאַטע שרײַט אַ בּיסל, וועט ער זיך אויסשרײַען“, פּרץ, מײַנע זכרונות. „דו בּיסט אין די זאַכן שוין אַ בּיסל אויסגעוועפּט“, שע, מאַריִענבּאַד. 2. ווי אַן אַדוו צו אַן אַדיעקטיוו: אַ בּיסל ווײַט(ער), נעענטע▯־, הייס(ער), ייִנגער אאַזוו. „ווײַטער אַ בּיסל איז געשטאַנען אַ וואָגן“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 3. ווי א

כמות־באַשטימער בּ אַ סובּסטאַנטיוו. אַ
קלייי .
נער סכום. אַ בּיסל פֿרייד איז בּעסער ווי אַ סך
לאַנגווײַל. „אַז אַ ייִד האָט אַ סו געלט און אַ
גוי אַ בּיסל, לעבּט ער זיך אַלץ בּעסער ווי
דער ייִד“, שוו. *אַ שײַכות אַ בּיסל = שוין
גאָר אַ קנאַפּע פֿאַרבּינדונג, שײַכות. „שבֿעה־עשׂר
בּתמוז!...אַ שײַכות אַ בּיסל צווישן אַ ייִדל הײַנט
און נבֿוכדנאצרן פֿאַרצײַטן!„, ממוס, פּישקע.

אָבּיסק

„.—.ווילסס זופּ? — גיבּ מיר אַ בּיסל“. 4. פֿאַר
זיך, 'אַבּסאָלוט„ ווי אַ סובּסטאַנטיוו: „אַ
בּיסל און אַ בּיסל ווערט אַ פֿולע שיסל“, שוו.
„אַפֿולע און אַ בּיסל מיט אַ האַלבּע שיסל,',
פֿול, וורר. נאָך אין אַ קלענערער מאָס (אין
אַלע בּבּ): אַ קליין בּיסל, אַ בּימעלע,
אַ ע, אַ בּ , אַ
בּיסי אַ בּיסע אַ
בּיסיניונקע(לע). „גיבּ מיר אַ בּיסינקע עסן“.
„איך וויל ניט קיין סך, איך וויל אַ
בּיסעטשקעלע“. „זײַט נאָר אַ בּיסיטשקע שטיל„. „נעם
קינד מײַנס אַ בּיסיניונקעלע„.

אָבּיסק — דער, ־ן. < רוס. פּטמ. אויך:
אָבּיסקע, ־ס. 1. הויזזוכונג; דאָס
נישטערן פֿון פּ□וציי (זשאַנדאַרמעריע) אין זאַכן,
בּיכער, דאָקומענטן בּײַ איינעם וואָס מע איז
אים חושד אַז ער איז קעגן הערשנדיקן
רעזשים [געווען פֿאַרשפּרייט אין צאַרישן
רוסלאַנד, דערנאָך אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָ, ווערט
דורכגעפֿירט אויף אַדמיניסטראַטיוון אופֿן, אָן
דערלויבּעניש פֿון געריכט. אָ, איז אָפֿט
פֿאַרבּונדן מיט אַרעסטירן.] „האָט געהייסן אַז די
סאָלדאַטן זאָלן בּאַלד בּאַפֿרײַען דאָס הויז, מע
זאָל אויפֿהערן אַ'עס צו מאַכן“, קמ, 1864,
No 50. „זיי שלאָפֿן ניט קיין נעכט, מע מאַכט
אָ'ן“, קאַצאָוויטש. 2. רעוויזיע. „דער שׂרה
איז פֿון דער גובּערניע, געקומען מיט אַ
רעוויזיע, אַן אָ', פֿאַלש גאָלד...“, שע, פֿון
כּתרילעווקע.
אָבּ'יסקעווען — טרוו. ־עווע, ־עט. < רוס.
1. דורכפֿירן אַן אָבּיסק ←. “מע האָט
אָבּיסקעוועט בּײַ איינעם... מע האָט געפֿונען
אויסלענדישע זײַדענע טיכלעך„, ייִפֿאָל, 1886,
No 19. 2. דורכזוכן, דורכנישטערן. אָ, די
קעשענעס, די אַרבּעטער. „מע האָט אים
אָבּיסקעוועט און מע האָט געפֿונען בּײַ אים די

זאַכן“, קמ, 18 1869, No.

אָבּיע'ד — דער, ־ן. רוסיצ. דזוו אָבּי'ד ←.
„זי וועט זי רופֿן הײַנטיקע וואָך אויף אָ',,
איסטאָריע I.

אָבּיעדקעס — מצ. סל. > רוס. שיריים;
בּרעקלעך, רעשטלעך, בּיינער מיט אַ בּיסל
פֿלייש, איבּערבּלײַבּ נאָך אַן עסן.

אָבּיעזדטשיק — דער, ־עס. סל. > רוס.
רײַטער וואָס היט אַ גרעסערן שטח. אַ
זשאָנדער אַ רײַטער. „גאָט, גיבּ אונדז שוין אונדזער
לאַנד, גרויס ווי אַ גענעץ, נאָר אונדזערע אָ'־
עס, יעגער בּײַ דער גרענעץ“, פּרץ, לידער און
פּאָעמען.

אָבּיעזדניק — דער, ־עס. סל. > רוס. דזוו
אָבּיעזדטשיק.

אָבּיעז(ד)קע — די, ־ס. סל. > רוס. 1. דאָס
אײַנפֿאָרן אַ פֿערד, צוגעוואוינען עס צו טראָגן
אַ רײַטער. 2. מאַרשרוט פֿון אַ פּאַטרול אויף
פֿערד. דורכפֿירן אַן אָ'. 3. דאָס פֿאָרן מיט
אַ זײַטיק שטעגל, אומוועג, קומען מיט אַן אָ'.

אָבּיעטראַנעץ — דער, ־נצעס. פּד. דזוו
אָבּאָדראַנעץ. „וואַרפֿנדיק זיך אַזוי אין שמוץ און
אין קריכנדיקע ווערעם, האָט ער שוין
אויסגעקוקט ווי אַן אמתער אָ', אַן אָרעמאַן פֿון דור

דורות,,, שיינהייט, אַמעריקאַנער, 13 IX 1957.
אָביע'קט — דער, ־ן. < איי < ל. 1.

קאָנ

קרעטע זאַך וואָס ווערט (קען ווערן)
אויפֿגענומען מיט די חושים. די אָ'ן וואָס מע זעט,
טאַפּט אָן אאַזוו. 2. פּערזאָן צו וועמען עס
באַציט זיך געפֿיל (אינטערעס, השפּעה אאַ)
פֿון אַ צווייטן. ער איז אַן אָ, פֿאַר (פֿון)
רחמנות, ביטול אאַזוו. ,,איך בין געווען דער
אָ, אויף וועמען זײַן מאָראַלישע גרויסקייט
האָט אויסגעשפּרייט איר גנאָד“, מוק, מײַנע
באַגעגענישן. 3. ענין, ציל, מאָטיוו, אויפֿגאָב.
אָפּגעגרענעצטער שטח (צו שטודירן, פֿאָרשן).
אָ, פֿון פֿאָרשן. דער איצטיקער אָ, איז...
4. (גראַמאַטיק) סובסטאַנטיוו (אָדער
סובסטאַנטיווירונג) וואָס ציט זיך צו אַ ווערב און
איז דירעקט אָדער מיט דער הילף פֿון אַ
פּרעפּאָזיציע אָפּהענגיק פֿון ווערב.
דירעקטער אָ, = ציט זיך דירעקט צו אַ ווערב,
אויף אים גייט איבער די טואונג פֿון ווערב;
ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס: וועמען? וואָס? איז
תּמיד אין אַקוז (וואָס ווערט מגולגל אין

נאָמינאַטיוו בײַ דער פּאַסיוור קאָנסטרוקציע). דער פֿאָטער דערזעט ד ע ם ז ו ן.
אומדירעקטער אָ, = יעדער אַנדער מין אָ, (אין ייִדיש בלויז אין דאַטיוו אָדער מיט אַ פּרעפּאָזיציע).
גלײַכשטאַמיקער אָ, = חזרט איבער דעם שטאַם פֿון ווערב. לעבן אַ (גוט) לעבן.
דערגאַנצנדיקער אָ'=נאָך ווערבן וואָס קענען ניט זײַן אין פֿולער פּאַסיוור קאָנסטרוקציע. שפּילן פֿ י ד ל.
5. (פֿילאָסאָפֿיע) אַלץ וואָס געהער צו דער וועלט מחוץ דעם באַוואוסטזײַן; וואָס דאָס באַוואוסטזײַן נעמט אויף, איז געצילט תּופֿס צו זײַן. „ניט וועגן אַלע אָביעקטן פֿון אונדזער טראַכטן קענען מיר האָבן קלאָרע פֿאָרשטעלונגען“. 6. פּלאַץ, שטיק לאַנד, הויז (בײַ מעקלערס). „איך וועל אײַך ווײַזן אַן אָ, וואָס איר קענט קריגן בחצי חינם“.
אָביעקטי'וו — אַדי. 1. וואָס איז פֿרײַ פֿון אַזאַ אויסטײַטשונג אָדער אָפּשאַצונג וואָס קומט פֿון פּערזענלעכן אינטערעס, געשמאַק אָדער מיינונג. היפּוך פֿון סוביעקטיוו. אומפּאַרטייאיש. ניט־עמאָציאָנעל. אָ'ער מענטש, צוקוקער, שופֿט אאַזוו. באַטראַכטן אַן ענין (פּראָבלעם) אָ'.
פֿאַרגעס אַז ער איז דײַן פֿרײַנד, וועסטו

- „
זײַנע מעשׂים דערזען אין אַן אָ, ליכט“. 2. וואָס
האָט די אייגנשאַפֿט (טענדענץ) צו
דערזען, אָפּשאַצן זאַכן (געשעענישן, פּראָבלעמען)
ווי זיי זײַנען מחוץ דעם איך פֿאַר זיך, און
,
ניט ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין יחיד (אָדער
גרופּע יחידים). „מע דאַרף געפֿינען אָ'ע
קריטעריעס צו מעסטן סאָציאַלע שינויים“. אָ'ע
קונסט, מאָלערײַ. 3. וואָס ווערט אויפֿגענומען
פֿון זײַטיקע, ניט פֿון בעל־דבֿר אַליין. אָ'ע
סימנים פֿון אַ קראַנקייט.

. אָדער סיסטעם לינדזן (אין
אָביעקטי'וו — דער, ־ן. 1. (אָפּטיק) לינדז

פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט,
מיקראָסקאָפּ אע) וואָס פֿר
- רעמען דאָס אָפּבילד פֿון
אָביעקט. 2. (גראַמאַטיק)
דער בייגפֿאַל פֿון אָביעקט.
אָביעקטיוויזאַציע — די, ־ס. 1. פּראָצעס
פֿון דערזען אָדער באַטראַכטן זאַכן, געשעענישן,

פּראָבּלעמען אויף אַן אָביעקטיוון אופֿן.
2. פּרוּוו, כּוונה צו דערזען אָדער בּאַטראַכטן זאַכן, געשעענישן אַזוי ווי זיי זײַנען פֿאַר זיך, מחוץ פֿון מענטשלעכן אויפֿנעם־שטייגער, וואָס איז בּאַגרענעצט און קען ווערן בּאַווירקט פֿון ווילן און עמאָציעס.

אָבּיעקטיוויזם — דער, ־ען. 1. (עסטעטיק) שיטה און פּראַקטיק אין קונסט, וואָס היי□נט אַרויס און שטרעבּט איבּערצוגעבּן דאָס וואָס איז אָבּיעקטיוו ←, מחוץ דעם איך־בּאַוואוסט, און פֿרײַ פֿון קאַפּריזע אויפֿנעם־אופֿנים פֿון קינסטלער, וואָס שטרעבּט איבּערצוגעבּן דאָס אַלגעמיין־גילטיקע פֿון דרויסנדיקע זאַכן.
2. (פֿילאָסאָפֿיע) שיטה וואָס הייבּט אַרויס (און האַלט אָז עס איז מעגלעך) דאָס אויפֿנעמען דאָס רעאַלע פֿון דער וועלט, וואָס איז אומאָפּהענגיק פֿון מעגטשלעכן בּאַוואוסטזײַן*

אָבּיעקטיוויטעט — די, ־ן. דזוו אָבּיעקטיווקייט.

אָבּיעקטיוויסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס בּאַמיט זיך כּסדר צו זײַן אָבּיעקטיוו. 2. אָנהענגער פֿון אָבּיעקטיוויזם.

אָביעקטיוויסטיש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אָביעקטיוויסט, פֿאַר
דעם וואָס שטרעבט צו זײַן אָביעקטיוו.
אָביעקטיווירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָביעקטיווירן.
אָביעקטיווירן — טרוו. ־וויר, אָביעקטיווירט.
(אויך: ־וויזירן). 1. מאַכן אָביעקטיוו.
„דורך אַ ריכטיקן סטאַטיסטישן מעטאָד ווען
מיר אָ, די רעזולטאַטן פֿון די פּערזענלעכע
אויספֿרעגענישן“. 2. אַרויסשטעלן ווי
אָביעקטיוו, אַרויסגעבן ווי ניט־פּערזענלעך, ווי
אומפּאַרטייאיש. „יעדער איינער שטרעבט צו אָ,
זײַן סוביעקטיוון ווילן“, ימ, נײַס, 1926.
אָביעקטיווער אמת — סוב פֿראַזע. מצ:
אָביעקטיווע אמתן. 1. אמת אָן פּערזענלעכער
באַפֿאַרבונג, אויסטײַטשונג, אַרײַנטײַטשונג.
ריינער נאַקעטער אמת. 2. אַבסאָלוטער אמת ←.
אָביעקטיווערהייט — אַדוו. אין מצבֿ פֿון
זײַן אָביעקטיוו, אויף אַן אָביעקטיוון אופֿן. „דו
מיינסט אַז איך האָב דאָ ספּעציעלע כוונות?
בהן שלי, איך זאָג עס אָ'“.
אָביעקטיווקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט
פֿון זײַן אָביעקטיוו. „דרײַ מאָל אַ טאָג שווערן
זיי זיך אין אומפּאַרטייאישקייט, אין פֿולער

אָ“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.
אָבּיעקטל — דאָס, ־עך פֿקפֿ פֿון אָבּיעקט.

.

סחורה וואָס מע האָט אַרײַנגעשמוגלט אין
געטאָ אונטער די נאַצים. „די זשאַנדאַרמען
זײַנען שוין געוואָרן קליגער און הייסן זיך סילוקן
פֿאַר אַן אָ, מיט 'האַרטע, און גאָלדזאַכן“, בּלומ.
אָבּיערקעס — בּלויז מצ. < פּויל. שאָלעכץ;
אָפּפֿאַל בּײַם צוגרייטן עסן. „אין אַ הונגעריאָר
איז זופּ פֿון אָ, אויך אַ מאכל“.
אָבּיעשטשיק — דער, ־עס. דזוו
אָבּיעזדטשיק. „אָט האָט זיך דורכשפּאַצירט דער ,
ייִדישער, אָ, מיט די בּיקס אויף דעם אַקסל“, אָפּאַ,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. „...קאָזאַרמעס פֿאַר
אָ'עס אויף דער פּראָווינץ נעבן גרענעץ“, ד.
לאַזערזאָהן, די קלאָגמוטער, וואַרשע 1889.

אָבּיצע

אָבּיצע — די, ־ס. < וור. אויך: אָבּיציע,
אַבּיצע. דזוו אָבּיטשע. „און די ווענט זײַנע
מיט ד אַלטע ווײַס־געלע אָבּיצעס זײַנען עפּעס
י
געוועזן אַזוי רחמנותדיק“, אָנוכי. „די ווענט

זײַנען געווען אויסגעשלאָגן מיט אַלערליי־
קאָלירנדיקע אָ'ס", איסטאָריע I.
אַבֿיר — דער, ־ים. תּח. 1. גיבּור, שטאַרקער,
מאַכטיקער. 2. אָנפֿירער; ווער עס שטייט
בּראש (ווי אין אַבֿיר הרועים).
אַבֿיר־הרועים — [אַבֿי'ר־האָרוי'אים] דער. מצ
נבֿ. תּח. הויפּט פֿון די ריכטער; הויפּטפֿירער
פֿון צעצווײַגטער אָרגאַניזאַציע [אייגנטלעך:
,הויפּט פֿון די פּאַסטעכער', תּי, שמואל א, כא,
8. בּ אויפֿן סמך פֿון רשי, דאָרטן]. „מע דאַרף
גיין צום קאָפּ, צום אַ,־ה'".
אַבֿיר־השירה — [אַבֿי''ר־האַשי'רע] דער, מצ:
אַבֿירי־..., אין לשון פֿון משׂכּילים. 'מאַכטיקער
פֿון געזאַנג,. גרעסטער (גרויסער) דיכטער;
נאָבעלער, פֿירנדיקער משורר, פּאָעט. דער אַ,־
ה, דער בּעל־תּהילים. חיים־נחמן בּיאַליק,
אונדזער אַ'־ה,.
אַבֿירי־עולם — [אַבֿי'ריי־אוי'לאָם] בּמ.
< ירושלמי, ראָש־השנה, נא, בּ. 'די מאַכטיקע
פֿון דער וועלט'. גאָר גרויסע געלערנטע,
וועלטבּאַרימטע מלומדים, גײַסטיקע ריזן. „צום
וויסנשאַפֿטלעכן קאָנגרעס זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן
ד אַ'־ע, פֿון גאָר דער וועלט".

י

אַבּיר־יעקבֿ — [אַבּי'ר־יאַנקעוו] < ישעיה, מט, 26. 'מאַכטיקער פֿון יעקבֿ, (אויסדרוק צו באַצייכענען גאָט).
אַבּיר־ישׂראל — [אַבּי'ר־ייִסראָעל] < ישעיה, א, 24. ,מאַכטיקער פֿון ישׂראל, (אויסדרוק צו באַצייכענען גאַט).
אַבּיר־לבֿ — [אַבּי'ר־לעוו] דער, אַבּירי־לבֿ [אַבּי'ריי־לעוו]. < ישעיה מו, 12. שטאַרקהאַרציקער, האַרטהאַרציקער, עקשן, שלעכטער מענטש; „הערט מיר צו, איר אַבּירי־לבֿ!“ „נאָר אַזוי ווי דער זיידע אַנשל איז געווען... אַן אַ־ל'...,,, שע, ,לשנה טובֿה'. „אַבֿרהם איז ניט געווען אַזוי ווי די רשעים אַבּירי־לבֿ און האָט זיך מקרבֿ געווען צו הקבֿ„ה,,, נוצ.
אַבּירת־לבֿ — [אַבּי'ראַס־לעוו] די. מצ נבֿ. < יוסיפֿון. אויך: אַבּירות־לבֿ. אייגנשאַפֿט פֿון אַבּיר־לבֿ. שטאַרקהאַרציקייט, האַרטהאַרציקייט; אומבּרחמנותדיקייט. „מיט זײַן אַכזריות און אַ ־ל, האָט [ער] נאָר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פֿאַרכמורעט די בּרעמען...,,, ייִל, פּוילישע ייִנגל, 1895.
אָבּכאָ'ד — דער, ־ן. סל. < רוס. 1. פּאַטרול, וואַך. „דערויף האָט דער פּאָליציי־מײַסטער

געשיקט אָ'ן, זיי זאָלן אַרומגיין אין די גאַסן צעיאָגן דאָס אויפֿגעהעצטע פֿאָלק“, קמ, 1865, No 15. 2. אינספּעקציע, קאָנטראָל מצד פּאָליציי. „וואָס הייסט אַן אָ'? שטויסט ער זיך גלײַך אָן“, ווענדראָף, 'אַ חנוכּה־נאַכט אין סוכּה„. 3. (מיליטעריש) דאָס טאַקטישע דערנענטערן זיך צום שׂונא ניט דירעקט, נאָר פֿרן אַ זײַט, פֿון אַ הינטערשטער פּאָזיציע. גיין אויפֿן שׂונא אין אָ„.

אָבכאַזיע — גנ. אַבכאַזישע סאָצ אַליסטישע
י
סאָוועטישע רעפּובליק. געשאַפֿן פֿון דער געוו, קוטאַאיסער גובֿ, אין צפֿון־מערבֿ קאַווקאַז.

וויכטיקסטע שטאָט סוכום. וויכטיקסטער פּראָדוקט טאַבעק. אַדי: אַבכאַזיש.

אַבכאַזיש — דאָס (דע□). נאָמען פֿון דעם לשון פֿון די אַבכאַזער.

אַבכאַזער — דער, מצ דז. מיטגליד פֿון איינעם פֿון די אַבכאַזישע שבֿטים אָדער אַבכאַזישן

אב□ □, [מוסולמענישן גלויבן]

1. רויערד, פֿעטע

פֿ ל

.

□ י ג — דער, ־ן. < רוס.

ערד; אָרט וואו מע פֿאַרדינט גרינג. „אַז די גוטע־ייִדן טאָרן שוין גאָר אין ערגעץ קיין קאָפּ ניט אויפֿהייבן, איז זייער אָ, אין אַדעסע“, ארז, קמ, 2 .1868, No 11. פּלאַץ וואָס איז ניט באַבויט, אָרט וואו מע קומט זיך צונויף. „נעבן דער שול געפֿינען זיך 300 סאַזשען ערד וואָס געהערן דער שול, נאָר דער פּלאַץ דינט פֿאַר אַן אָ, פֿאַר חזירים און שיכּורים“, ייִפֿאָל, 3 .22 1884, No. (שנײַדערײַ) שטאָף, אַריבערגעלייגט אויף שטאָף (ווי בײַ אַ לאַץ, ב□ אַרבל פֿון פּעלערינע אע). עס איז נישטאָ

י

קיין אָ', עס פֿעלט סחורה צו מאַכן אַן אָ'.

אָבלאַווע — די, ־ס. < רוס. 1. פּלוצעמדיקער איבערפֿאַל פֿון פּאָליציי, סאָלדאַטן (צו כאַפּן פֿאַרברעכערס, דורכפֿירן אָביסקן, רעוויזיעס) מיט אָפּצוימען אַ געוויסן שטח כּדי מע זאָל ניט קענען אַנטלויפֿן. די צאַרישע פּאָליציי האָט געמאַכט אָ'ס אויף ייִדן אָן וואוינרעכט. די נאַציס האָבן געמאַכט אָ'ס אויף ייִדן אין געטאָ. „און מיטאַמאָל ווען אַלע שלאָפֿן, מאַכט מען

אַן אָ', פֿאַלט איבער די קינדער...„, קמ, 1868,
No 45. „ביז עס מאַכט זיך אַן אָ', מע פֿאַלט
איבער אויף ייִדישע אַכסניות אין מיטן האַלבע
נאַכט מיט זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטן“,
שע פֿונעם יאַריד II. נאַכט־אָ, = אָ, אין מיטן
,
נאַכט. 2. סתּם איבערפֿאַל, אָרגאַניזירטער
געיעג. „ווען אין די וועלדער האָבן זיך געיאַוועט אַ
סך וועלף, האָט מען געמאַכט אויף זיי אַן אָ'“,
רייד.
אָבלאָזשקע — די, ־ס. < רוס. הילע,
ווייכער טאָוול פֿון אַ בוך. „...געדרוקט פֿײַן..., מיט
פֿײַנע אָ'ס“, ייִפֿאָל, 1887, No 31.
אָ'בלאַט, אָבלאַ'טע — דער & די, ־ן, ־ס.
< ▯ פויל. רעגיסטרירונג פֿון קאָנטראַקט (
איבערגאַנג פֿון אייגנטום פֿון איינעם צום צווייטן)
אין אָפֿיציעלן רעגירונגס־בוך.
אַ'בלאַטיוו — דער, ־ן (זן). < איי < ל.
בייגפֿאַל, קאַזוס, בײַם בייגן, דעקלינירן
סובסטאַנטיוון אין פֿאַרשיידענע אינדאָ־איראָפּעאישע
לשונות, ספּעציעל אין סאַנסקריט (געוויינטלעך
מיטן ב: פֿון אַן אָרט) און לאַטײַן (מיט די בב:
אין, מיט, פֿון, דורך).
אָבלאַטירן — טרוו. ־טיר, אָבלאַטירט. פּר,

לאָדזש. < אָ'בּלאַט + ירן.
פֿאַררעגיסטרירן אין אָפֿיציעלן רעגירונגס־בּוך (אַן אַקט, אָפּמאַך, קאָנטראַקט). אָ, דעם פֿאַרקויף פֿון די הײַזער.
אָבּלאַטן — אצ זן. < מהד < ל. געבּעקס פֿון דיק פֿאַרקנאָטענעם טײג מיט אײער (אויך מיט געווירצן, ניס, מאַנדלען), געבּאַקן אין אַ פֿאַן.
„...איז פֿון צרפֿת געבּראַכט געוואָרן קיין אַשכּנז...עס זײַנען געווען דינע אָ'ן...אויף זײ האָט מען געמאַכט מזונות, און געווען דיקע אָ'ן — אויף זײ האָט מען געמאַכט המוציא...

אַבּלוציע

די אָ'ן זײַנען געבּליבּן אויפֿן שטח פֿון דײַטשלאַנד און אין פּוילן זײַנען זײ ניט געווען בּאַקאַנט„, קאָס, ייִדישע מאכלים, 131—34.
'אובּלוט אַ גלאָס פֿון 13. יה צו פֿאַרטײַטשן

,

'נקדים, [ניקודים] פֿון מלכים א, יד, 3. אין ספֿר הערוך, רעגנסבּורג ,אובּלטין.. מהרי„ל, הלכות איסור והיתּר, צט/א: „ואובלט נאפֿה בתערובות“.
אָבּלאַט(ק)ע — די, ־ס. < פּויל < ל oblata.

האָסטיע. פּלעצל פֿון אומגעזײַערט טייג וואָס
סימבאָליזירט בײַ די קאַטאָליקן קריסטוסעס
קערפּער פֿון הייליקע אָבלאַטקעס וואָס
קאַ. ,,...

טאָליקן באַקומען פֿון די גלחים, מכּפּר צו זײַן
אויף זייערע עבֿירות...,,, ייִפֿאָל, 6 1882, No.

אָבלאַטקע — די, ־ס. 1. אַ רפֿואה־
פּראָשעק אין אַ פּאַפּירל אָדער אין
צונויפֿגעקלעפּטע פּאַראַפֿינענע שאָלכעלעך. ,,פּרוּווט
אײַננעמען כינע אַ'ס אַ פּאָר, מיט יאָד אי די ברוסט
אי דעם רוקן באַשמירן'', פֿרוג, ,אין
ווייטאָגבעט'. 2. קײַלעכדיק שטיקל פּאַפּיר מיט
קלעפּשטאָף אויף איין זײַט בכדי צו פֿאַרקלעפּן
בריוו, פּעקלעך וכּדומה.

אָבלאַם — דער, ־ען (־עס). < פּויל, וור.
1. אָפּגעשניטן שטיקל רויכוואַרג, פֿוטערוואַרג.
2. פּלאַכטע, צונויפֿגעשטעלט פֿון קליינע
שטיקלעך פֿוטערוואַרג. ,,דער בעסטער מײַסטער בײַם
צוזאַמענשטעלן די אָ'ען רויכוואַרג'', זש.

אָבל▯סט — [ווייכע ט] די, ־ן. < רוס.
אַד3. פּגעריסן, אָפּגעשניטן שטיקל סחורה.

מיניסטראַטיוו־טעריטאָריאַלע געגנט אין
רוסלאַנד (צאַרישו און סאָוועטישן). בירעבידזשאַן

איז געווען אַ ייִדישע אָבּלאַסט. "אַ טייל פֿון
פּאָדאָליער גובּערניע הייסט היינט וויניצער אָ'",
בּריוו. [אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען אַ
חילוק צווישן גובּ, און אָ']. „דער נאַבּאָר זאָל
זיך אָנהייבּן אין די גובּערניעס און אין די
אָ'ן„, קמ, 27 1863, No. ־אָווי = דאָרפֿיש.
„איך האָבּ גיזעהין דען יהודי הנ"ל דאָ ער איז
פֿון הינין גירוטין, האָט ער אַן גיאט איין
פּאלינדישי אָבּלאסטאָוי גורטי [= דאָרפֿישע
קורטקע] און איין ווייסן קאפּילייש", שו"ת פּני
יהושע, אַמשט 1715.
אָבּלאַסטנאָיע — אַדי. וואָס איז שייך צו
ל◌נד, דאָרף (להיפּך צו שטאָט).
אָבּלאַסט, צו
אָ, פּראַוו ניע — די. רוסיצ.
אַדמיניסל

טראַציע, צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג פֿון אָבּלאַסט.
"אַ מענטש וואָס מע מעג אים זיבער גלייבּן
האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס געהערט פֿון אַ
◌אציע — די, ־ס. < איי < ל. דאָס
אַפּאוועטניק אין דער אָ, פּ'", קמ, 1864, No 18.
אָבּ —
טיילן א טייל פֿון אַן אבֿר; בּאַזײַטיקונג פֿון אַ

טייל, ספּעציעל דורך אָפּשנײַדן.
אָבלאַציע — די, ־ס. < איי < ל. רעליגיעזע,
ריטואַליסטישע מתּנה פֿון אומבאַלעבטער זאַך
פֿאַר דער קירך. היפּך פֿון בלוטיקן קרבן.
אַבלאָקאַ'ט — דער, ־ן פֿטמ אָדער
שפּאָט.
נאָמען פֿאַר אַדוואָקאַט. „מע האָט אַ משפּט,
אַ סכסוך וועגן ירושה. ווער איז אַ מבֿין אויף
אַ גוטן אַ'? מאָשעק אָדער יענקל?“, פּרץ,
בילדער און סקיצן. אויך: אַבלו□. פּראָצעס
אַט.
אַבל
וציע — די, ־ס. < איי < ל.
פֿון וואַשן (זיו), רייניקן (זיך) ווי אַ טייל פֿון

אָבליאַרדע

רעליגיעזן ריטואַל. טבֿילה־וואַסער; שיוענק־
וואַסער. 2. פּראָצעס פֿון רייניקן שטאָפֿן (בײַ
כעמישע עקספּערימענטן), זיי צו באַפֿרײַען פֿון
זײַטיקע מאַטעריאַלן.
אָבליאַרדע — די, ־ס. וורר. < פּויל. לייצע
פֿון אַ געשפּאַן.
אָבליג — דער, ־עס. ארכ. < וור, פּויל.

אָבליגאַציע, שטר־חובֿ, וועקסל (אויף אַ קהילה, אויף
אַ גאַנצן קרײַז). „בייא דעם חרם הגדול וואַש
מען וועט געבין בקהילות איז החרם חל על
האנשים שיש להם איזה אָ, על המדינה...און
אויב ווער עש ווייסט פֿון דעם מוז ער...“, פּנקס
ליטא, תּקנות תּנ“א.

אָבליגאַ'ט — דער, ־ן. < איי < ל. 1. דער
וואָס האָט אויף זיך אַ חובֿ, אָבליגאַציע. דער
וואָס איז פֿון געריכט געצוואונגען עפּעס צו טאָן.
פּינסקיס ווב. 2. אָבליגאַטאָרישער ענין. „דער
קעגנשטאַנד ['רעליגיאַנס־אונטעררריכט,] איז ניט
קיין אָ'“, קמ, 1866 38 ,No.

אָבליגאַטאָ — דער, די, ־ס. < איט. 1.
צוגאָבֿ־שטים אין אַן אינסטרומענטאַל אָדער
וואָקאַל ווערק, וואָס איז אַ באַגלייטונג צו דער
הויפּט־שטים. אָ'־שטים. 2. טייל פֿון
מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, באַזונדערש פֿון
אַקאָמפּאַנימענט, וואָס האָט אַ זעלבשטענדיקן ווערט און
קען ניט אויסגעלאָזט ווערן.

אָבליגאַטאָר — דער, ־ס. ונ ־ין, ־ס. < איי
< ל. דער וואָס לייגט אַרויף אַן אָבליגאַציע,
איז מחייבֿ צו עפּעס.

אָבליגאַטאָריש — אַדי. וואָס איז אַ מוז,
צוואַנג, חובֿ (מאָראַליש אָדער געזעצלעך גע

בּונדן). אָ'ע בּילדונג.
אָבּליגאַטאָ'רישקייט — די (דאָס), ־ן.
אַרויפֿגעצוואונגענקייט (מצד געזעץ אָדער
געוויסד, אייישטעל).
אָבּליגאַל אַ — די, בּמ. שריפֿטלעכע
התי
חײַבֿותן. יוטף מאָרשן, חנוך לנער, פֿיורדא
תּקל״ד.
אָבּליגאַציע — די, ־ס. < איי < ל. 1. חובֿ,
פֿאַרפֿליכטונג, צוזאָג, התחײַבֿות, געזעצלעכע
געבּונדנקייט. זײַן אונטער אַן אָ'. אָ'־חובֿ =
חובֿ וו אַ רעזולטאַט פֿון אַן אונטערשריפֿט,
י
פֿון זײַן אַ זשיראַנט אויף אַ וועקסל. 2. געפֿיל
אָדער געדאַנק אַז מען איז מחויבֿ עפּעס צו
טאָן פֿאַר אַ צווייטן (אָדער אַ גרופּע) איבּער
מאָראַלישע אָדער געזעלשאַפֿטלעכע טעמים. זיך
פֿילן אונטער אַן אָ'. זיך באַפֿרײַען פֿון אַן אָ'.
זיך רעכענען מיט אַן אָ'. 3. ווערטפּאַפּיר וואָס
אַ קערפּערשאַפֿט לאָזט אַרויס אויף א געוויסער
סומע, כּדי צו פֿאַרגרעסערן אומזאַץ־קאַפּיטאַל
„ד אַרויסגעבּערס פֿון די אָ'ס זײַנען זיך מתחייבֿ
י
אויסצוצאָלן אַ באַשטימטן פּראָצענט„. „אָ'ס

אויף פֿראַנצייזישע אײַזנבאַנען“, קמ, 1868, No 12.

אָבליגירן — טרוו. ־יר, אָבליגירט. אויך מיט ז י ך. < איי < ל. [אָפּט געניצט אין שפּאַנישרעדנדיקע לענדער < obligar] מחייבֿ זײַן, פֿאַרפֿליכטן, צווינגען. „...און, נאָך בֿ, מאות [טאָלער] מחמת בער ה, מאות קנס דיא איך מיך ואר אבליגירט דעם דוכּס צאהלין“, גה, 392. „ער וועט אים אָ, דאָס צו טאָן,„.

„דער פֿאָטער ווערט אָבליגירט אויסצוהאַלטן די קינדער פֿון זײַן געגטער פֿרוי,„.

אָבליווע — די, ־ס (געוויינטלעך אין מצ). סל. זיבֿה. פֿליסיקייט וואָס שיידט זיך אויס בײַ גאָנאָרעע.

אָ'בליטשקע — די, ־ס. וורר. אָרט וואו עס זיצט דער וואָס טרײַבט אָן די פֿערד; קאָזלעס. „אויפֿן אָ□ליצקע זײַנען געזעסן אַ קוצער מיט אַ לאַקיי“, שבֿתי מאַצקעוויץ, צוויי גלײַכע שידוכים, ווילנע 1893.

אָבליעוואַקע — די, ־ס. < וור. מינסקער ג', בּריסק. וועטער (פּאַגאָדע) ווען רעגן און

פֿראָסט בײַטן זיך אין איין און דעם זעלביקן טאָג.
אָבלײ'ק — דער, ־ן. (לאַנדמעסטערײַ) אויפֿנעם, אויסמעסטונג וואָס ווערט געמאַכט ניט לויט דער האָריזאָנטאַלער און ניט לויט דער ווערטיקאַלער ליניע, נאָר מיט אַ ווינקל צו איינער פֿון זיי.
אָבליקאַ'ל — אדי. < איי < ל. 1. וואָס איז אין דער קרים, וואָס איז ניט האָריזאָנטאַל

און ניט ווערטיקאַל, נאָר מיט אַ ווינקל צו דער

האָריזאָנטאַ I לער אָדער

ווערטיז קאַלער ליניע. אַן

אָ'ע פֿלאַך. אָ'ער

קאָנוס = וואָס זײַן אַקס איז ניט פּערפּענדיקולאַר צו דער פֿלאַך פֿון באַזיס. 2. אומדירעקט, אומגלײַך. אָ'ע און אומקלאָרע רייד.
אָבמאָטקע — די, ־ס. < וור, רוס. ברייטע סטענגע פֿון שטײַפֿער סחורה אַרומצווויקלען אַ פֿוס (געניצט אַנשטאָט אַ כאָלעווע).
אָבמאַלאָ'ט — דער, ־ן. סל. < רוס. 1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אָפּדרעשן תּבֿואה,

אַרויסשלאָגן די קערנער פֿון די זאַנגען. 2. סכום קערנער, אויסגעדראָשן פֿון תּבֿואה. אַ גרויסער אָ..

אָ'בּמאַן — דער, מצ אָבּמענער (זן). < דײַטש. פֿאָרזיצער פֿון „יודענראַט“ אין די געטאָס בײַ די נאַציס. „דער אָ. (פֿון גראָדנער ייִדנראַט) האָט אַלץ מער און מער פֿאַרטיפֿט די פּאָליטיק פֿון נאָכגעבּיקייט וועלכע דערפֿירט בּיז די טרויעריקע ליקווידאַציע־טעג“, מ. בּיאַלאָדוואָרסקי.

אָבּמאַ'ן — דער, ־עס. רוסיצ. אָפּנאַרערײַ; שווינדל, פֿעלשונג. „עס איז אָבער אָ., גניבֿה, חנן וויל זײַן אַן ערלעכער סוחר“, אַר, 'שׂכר. לימוד..

אָבּמאַ'נעווען — טרוו. ־נעווע, אָבּמאַנעוועט. סל. < רוס. 1. אָפּנאַרן, בּאַשווינדלען. „גוואַלד וועל איך שרײַען, מע האָט מיך אָבּמאַנעוועט, איך וויל ניט פֿאַרקויפֿן די אימעניע“, קמ, 1863, No. 2 l5. פֿעלשן אין עמעצן, זײַן אומגעטרײַ, פֿאַרראַטן (דער מאַן די פֿרוי אַדער פֿאַרקערט). „מערי האָט ערשט איצט אויסגעפֿונען אַז דער מאַן האָט זי שוין לאַנגע יאָרן אָבּמאַנעוועט“, א. פּאָמעראַנץ.

אָבּמאַנ(ש)טשיק — דער, ־עס. ווג ־(ש)טשיצע, ־ס. אָפּנאַרער, שווינדלער. ווער עס

אָבמאַנעוועט.

אִבּן — ערשטער טייל פֿון אַ גרויסער צאָל אַלטע פֿאַמיליע־נעמען פֿון ייִדן אין לענדער

אַבּסאָלווענט

אונטער אַראַבּישער הערשאַפֿט [א, = זון]. אבּן גבירול, אבּן־עזרא, אבּן־תּיבון אאַזוו.

טראַדיציאָנעלער אופֿן אַרויסרעדן: אבָּן, ,,עוון,, [אַנשטאָט ,,איבּן,,].

אָבּ◌אָוו — דער, ־עס. מינסק, וורר. < וור. פֿוטערן קאָלנערל (אויף אַ קאַפּטן). ,,אַ גלאַטער טשוהײַ [= קאַפּטן] — צוויי גילדן, מיט אָ, (ד"ה בלויז מיט אַ פֿוטערנעם קאָלנער) צוויי גילדן מיט פֿופֿצן גראָשן", ליטוו.

אָבּנאָוועןּ ◌ טרוו. ־ווע, אָבּנאָוועט. רוסיצ. בּאַנײַען, רענאָווירן. ,,אַלע קלײנהענדלער, בּעלימלאכות און פּראָמישלעניקעס וואָס וועלן בּיז נײַ־יאָר ניט אָ, זייערע דאָקומענטן...וועלן דאַרפֿן צאָלן שטראָף", קמ, 48 1865, No.

אָבּנאָוועןּ זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך בּאַנײַען, זיך אָפּפֿרישן, קריגן נײַע כּוחות. זיך אָ, נאָך אַ קרענק. זיך אָ, אין נײַע מלבּושים.

אָבּנאָסקע — די, ־ס. פֿטמ. סל. < רוס. (אָפּ־

געטראָגענער מלבוש, שוך. אויפֿקויפֿן אָ'ס;
טראָגן אַן אָ, ווי אַ שלעפּער.

אַבּנאָרמאַ□ל — אַדי. ניט נאָרמאַל. קאָנטיק
אַנדערש ווי עס דאַרף זײַן. אַ, באַנעמען זיך,
דענקען, טאָן. (אַ, נעמט אַרײַן סובּנאָרמאַל און
איבּערנאָרמאַל). אַ'ע קינדער. אַ'ע
דערשײַנונגען.

אַבּ□אָרמאַליטע'ט — די, ־ן. דזוו
אַבּנאָרמאַלקייט.

אַבּנאָרמאַלקייט — די (דאָס), ־ן. 1. (
כאַראַקטער־)שטריך וואָס שיידט זיך שטאַרק אָפּ
פֿון דעם געוויינטלעכן, געזונטן. (אַ, נעמט
אַרום סובּנאָרמאַלקייט און איבּערנאָרמאַלקייט).
2. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַבּנאָרמאַל.

אַבּנעגאַציע — די, ־ס. אָפּלייקענונג, אָפּזאָג;
אפּווארפֿונג פֿאַרוואַרפֿונג (פֿון עפּעס וואָס מע
□ — ,
האָט אָדער פֿון וואָס מע האָט געהאַלטן). אַ,
פֿון אייגענע רעכט. אַ, פֿון פֿריִערדיקע
אידעאַלן.

אַבּנעגירן — טרוו. ־גיר, אַבּנעגירט
פֿאַרלײַ.
קענען. זיך אָפּזאָגן (פֿון רעכט, אידייען,

תּענוגים אאַ). אַ, אַלץ אין וואָס מע האָט פּריִער געגלייבּט. אַ, רעכט, פּריווילעגיעס.
אבּן־עזרא — [איבּן־עזרע] ← אבּן־עזרא.
אַבּסאָלווירונג — די, ־ען. 1. באַפּרײַאונג (פֿון אַ חובֿ, אָבּליגאַציע) פֿאַרגעבּונג, מחילה.
.
← אַבּסאָלוציע. 2. דאָס פֿאַרענדיקן אַ (מיטלאָדער הויך־)שול.
אַבּסאָלווירט — אַדי. < איי < ל. אויך: רומ. (געניצט: רומעניע, טשערנאָוויץ און אומגעגנט, גאַליציע) פֿאַרענדיקט גימנאַזיע אָדער
.
אוניווערסיטעט. גראַדואירט. ער איז אַן אַ'ער און זוכט אַרבּעט.
אַבּסאָלווירן — טרוו. ־וויר, אַבּסאָלווירט.
1. ריינוואַשן, באַפּרײַען פֿון זינד; קריגן פֿאַרגעבּונג. ראָש מלון־מפֿתּח, זשיטאָמיר 1872.
2. מתּיר נדר זײַן (ווען עס רעדט זיך וועגן ניט־ייִדישן פּיר). 3 פֿאַרענדיקן גימנאַזיע
.
אָדער אוניווערסיטעט. ← אַבּסאָלווירט. פֿאַרענדיקן אַ קורס לימודים.
אַבּסאָלווע'נט — דער, ־ן. 1. דער וואָס ווערט באַפּרײַט פֿון זינד (אין פֿאַרבּינדונג מיט אַ

רעליגיעזער צערעמאָניע). 2. דזוו
אָביטוריענט.

אַבּסאָלוט

אַבּסאָלו'ט — אַדי. < איי < ל. 1.
אומבּאַגרענעצט פֿרײַ פֿון צוימונגען פֿון אָרט און

,

צײַט. אומענדלעך; אָנצײַטלעך. אַ'ער אמת. אַ'ע
מאָראַל. 2. אינגאַנצן זיכער, פֿעסט, אָן
וואַקלענישן. פֿולקום אויטאָריטאַטיוו. אַ'ע
פֿאַרזיכערונג. אַ'ער גלויבן. 3. פּערפֿעקט, אָן שום
חסרון אָדער פּגם. גאַנץ און פֿאַרפֿולט אין אַלע
פּרטים. אַ'ע שיינקייט. 4. פֿולשטענדיק. „די
אַבּסאָלוטע נאַקעטקייט פֿון רוימישן רעכט
דערשרעקט אײַך“, מוק, מײַנע בּאָגעגענישן.
5. פֿרײַ פֿון יעטוועדער השפּעה און ווירקונג,
ניט אונטערגעוואָרפֿן אונטער קיינעם און קיין
זאַך. אַ'ע מאַכט. 6. וואָ
.7
ענדגילס איז אינגאַנצן ריין,
פֿרײַ פֿון צומיש. אַ'ער אַלקאָהאָל.
טיק, לעצטגילטיק; וואָס איז די העכסטע
אינסטאַנץ. אַ'ער וועטאָ. 8. אָן שום תּנאַי אָדער

תּירוץ. זיך אַ, אָפּזאָגן. 9. (גראַמ) וואָס איז
אַליין פֿאַר זיך ניט קיין טייל פֿון זאַץ.

אַ'ע איינסן (פֿיזיק) = די איינסן פֿון
לענג (סענטימעטע□), צײַט (סעקונדע) און מאַסע
(גראַם). אַ, געהער = אײַנגעבוירענע
פֿעאיקייט צו באַשטימען די טאָן־וויבראַציעס, די
הייך און די טיפֿקייט פֿון טאָן, אָן אַ
קאַמערטאָן. אַ'ע גרייס (מאַטעמאַטיק) = באַטרעף
ווען מע רעכנט זיך ניט מיטן צייכן + אָדער
מאָסטן □ הייך (גע□ □מפּער□י□.
—. אַ, פּי = היי
ון ים־שפּיגל.
= טעמפּעראַטור, געמאָסטן, אין סענט□ראַד□:

מיט אַ'ן נול ווי אַ באַזע. אַ'ע מאָ ער—

= וואָס גיט ניט איבער די דרויסנדיקע וועלט,
נאָר שטרעבס דורך ליניעס און פֿאַרב□

מאָאויסדריקן די איבערלעבונג פֿון מאָלער. אַ,
נאַרכיע = אָן קאָנסטיטוציע, רעזשים וואו
מאָנאַרך הערשט אומבאַגרענעצ□ אָן

פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון פֿאָלק. אַ'ע מוזיק =
אויסדרוק־פֿעאיק אין זיך נירט ניט אוי אַאַ
ערהייט (מ ־ ,
מ]
באַשטימטער טעמע.
יאָריטעט) = מער ווי לפֿט פֿ די
-
וואָס האָבן רעכט צו שטימען. ער נו =
א ח

א) גאָרנישט. דאָס וואָס ווינציקער פֿון דעם איז ניט מעגלעך (פֿון טעמפּעראַטור) אַן ערך
.
273° C—. אַ, צאָל = א) וואָס איז דירעקטער רעזולטאַט פֿון ציילן, און ניט אויסגעדריקט אין % אָדער אין אַן אַנדער פֿאַרהעלטעניש. ב) וואָס איז בלויז אַ צאָל, אָן אָנווײַז אויף מאָס. אַ'ע קונסט = אָן טענדענץ און געזעלשאַפֿטלעכער כּוונה; וואָס איז ריינער אויסדרוק פֿון קינסטלערס אײַנדרוקן און איבערלעבונגען.
אַבסאָלו'ט — דער, ־ן (זן, נאָר בײַם פֿאַרלייקענען). 1. גאָט. בורא און אַחדות הבורא.

אין־סוף. 2. לעצטע סיבה. יסוד פֿון וועלט,
אוניווערס. 3. סכום פֿון אַלע עקסיסטענצן,
דאָס כוללדיקע זײַן. דאָס אַלץ אַרומנעמיקע.
-
4. דאָס פֿאַרזיכדיקע און דאָס העכסטע זײַן
(וואָס קען ניט באַנומען ווערן פֿון מענטשלעכן
שׂכל). [אין פֿאַרשיידענע פֿילאָסאָפֿישע
סיסטעמען ווערט דער אַ, אויפֿגענומען אויף כּלערליי
אופֿנים וואָס זײַנען אויסטײַטשונגען און
פֿאַרטיפֿונגען פֿון די בבֿ 1—3].
אַבסאַלוטיזם — דער, ־ען. 1.
אומבאַגרענעצטע (אָפֿט דעספּאָטישע) הערשאַפֿט פֿון אַ

מאָ12

נאַרך אָדער אָליגאַרכיע און די שיטה, טעאָריע
וועגן אַזאַ הערשאַפֿט. פּאָליטישער אַ'. דער אַ,
פֿון די צאַרן, די בּורבאָנען, אאַ. ,,...רופֿט צו אַ
קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם, מיטן רוסישן אַ,
וואָס דריקט די ייִדן“, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
*אויפֿגעקלערטער אַ, = אַ, וואָס נעמט אין
באַטראַכט אידייען פֿוד אויפֿקלערונג פֿון סוף 17.
און 18. יה. 2. יעדע טעאָריע וועגן דעם וואָס
איז אַבסאָלוט (← אַדי) פֿילאָסאָפֿישער אַ,.

.

אַבּסאָלוטיסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
אָנהענגער פֿון אַבּסאָלוטיזם (פּאָליטישן אָדער
פֿילאָסאָפֿישן). „מיר זײַנען ניט קיין
מאַקסימאַליסטן און ניט קיין אַ'ן אין אונדזער קאַמף
פֿאַרן וואויל פֿון פֿאָלק. קיין מאַקסימום קען
מען קיינמאָל ניט דערגרייכן„, ימ, נײַס, 1923.

אַבּסאָלוטיסטיש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אַבּסאָלוטיסט. אַ'ער צוגאַנג.
אַ'ע בּלינדקייט.

אַבּסאָלוטקייט — די (דאָס), ־ן פֿעסטקייט,
.
זיכערקייט, אָנספֿקדיקייט, פֿולקומע
פֿאַרלאָזלעכקייט. אייגנשאַפֿט צו זײַן אַבּסאָלוט. „
ראַציאָנאַליזם וואָס טעאָרעטיש ווערט ער
אַרויסגעזאָגט אין זײַן פֿולער אַ'“, ייִבל.

אַבּסאָלוציע — די, ־ס. 1. אַבּסאָלווירונג,
בּ1. 2. דאָס פֿאַרגעבן, מוחל זײַן זינד,
דורכגעפֿירט מיט אַ רעליגיעזן ריטואַל (ספּעציעל
בײַ קאַטאָליקן).

אַבּסאָרבּירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַבּסאָרבּירן.

אַבּסאָרבּירן — טרוו, ־בּיר, אַבּסאָרבּירט.
< איי < ל. 1. אײַנזאַפּן אין זיך. אַרײַננעמען

עפּעס אין זיך. אַ, קלאַנגען. אַ, ליכט. אַ,
אידייען, מיינונגען. 2. (כעמיע) אײַנזאַפּן,
אַרײַנזייגן אַ פֿליסיקייט אָדער אַ גאַז און אינגאַנצן
בײַטן באַשטאַנד, קאָליר אאַ.
אַבּסאָרפּציע — די, ־ס. < איי < ל. אויך:
אַבּסאָרבּציע. מדרגה (אָדער פֿעאיקייט)
צו אַבּסאָרבּירן ←. אײַנזאַפּונג, אײַנזויגונג,
אינקאָרפּאָרירונג. אַ'־קאָעפֿיציענט = ווײַזער
פֿון אײַנזאַפּעוודיקייט.
אַבּסו'רד — דער, ־ן. < איי < ל. אומזינען.
געדאַנק וואָס איז קעגן שׂכל־הישר, קעגן לאָגיק,
וואָס איז לעכערלעך אומשׂכלדיק. *בּרענגען
(דערפֿירן) צו אַן אַ, = אַנטוויקלען אַ געדאַנק
אַז עס זאָל ווערן קלאָר זײַן אומזיניקייט.
אַבּסורדיש, ־דאַל — אַדי. ← דפֿוו.
אַבּסורדישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אַבּסורדיש.
אָבּסטאַוועז — טרוו. ־ווע, אָבּסטאַוועט. סל.
< רוס. 1. אַרומשטעלן, אַרומבּויען,
אַרומצוימען. אָ, דעם הויף מיט אַ פּלויט. 2. (
אונטער)שטיצן, אָננעמען עמעצנס צד. „זייער
פּרוטעקטיר איז אַתּקיף, ער וועט זייער קריג מיט
דיר אָ'“, מס, משלי תּקע"ד, כג, 11. 3.
אויסמעבּלירן. אָ, אַ דירה.

אָבּסטאָיאַ'טעלסטווע — [ווייכע □] די, ־ס. סל. < רוס. אומשטאַנד, מצבֿ, באַדינגונג. די אַ'ס האָבּן זיך אַזוי צונויפֿגעלייגט. די אָ, בּײַט זיך. „נאָר בּײַ אָט אַזעלכע ביטערע אָ'ס איז געזינטער אַז מע פֿאַרלייקנט עטלעכע קינדער אויף אַ קורצער צײַט“, שע, פֿונעם יאַריד II.

אַבּסטראַקט

„געקומען צום רבּין...אים דערציילט מײַן גאַנצע אָ,“, קמ, 1868 40 ,No.
אָבּסטאַנאָווקע — די, ־ס. סל. < רוס. מעבּל; אויסמעבּלירונג. „די אָ, אין הויף בּײַם פּריץ איז אויסערגעוויינטלעך, אויסמעבּלירט מיט פֿײַנעם געשמאַק,„ בּריוו. „אָבּער זיי זאָלן אים אַליין ליבּ האָבּן, ניט זײַן אָ'“, יודישער פֿאַרפּסח, וואַרשע 1881. *די אָ, איז ניט קיין געאויך: דער יחוס ניט קיין גרויסער.
אבּסטאַ'קל
— דער, ־ען. זן. שטערונג, הויבּענע =

מכשול. (רו־)שטערער, אָנקלעגער. [ראָש
מלונמפֿתּח, זשיטאָמיר 1872 פֿאַרטײַטשט אַזו
,
'שׂטן', 'שׂטני, אין תּהליס קט, 6,].
אַבּסטינירן — אוטוו. ־ניר, אַבּסטינירט. ←
אַבּסטענירן. אָפּהאַלטן זיך פֿון באַטייליקן זיו
אין עפּעס, אויך פֿון געניסן ← דוווו. אַ, אין
אַן אָפּשטימונג, דעבאַטע, אונטערנעמונג.
אַבּסטינע'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
> איי < ל. 1. איינער וואָס האַלט זיך אָפּ,
זאָגט זיך פֿרײַוויליק אָפּ פֿון געוויסע תּענוגים,
מאכלים, משקאות. נזיר, אַסקעט. 2. איינער
וואָס האַלט זיך אָפּ פֿון אויסנוצן זײַן רעכט
(צו שטימען, זיך צו באַטייליקן אין
געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט אע).
אַבּסטינע, ו — די, ־ן. אויך:
אַבּסטינענציע, ־ס. 1. אָפּהאַלט (פֿון געניסן געוויסע
מאכלים, משקאות, תּענוגים). אַ'־טעאָריע =
באַגרינדונג אַז רווח פֿון קאַפּיטאַל, איז
מאָראַליש באַרעכטיקט, ווײַל דער אייגנטימער האָ(
אים, מחמת ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פֿון
תּענוגים וואָס דאָס געלט קען אים פֿאַרשאַפֿ
2. דאָס צוריקהאַלטן זיך פֿון שטימען, פֿו

בּאַטײליקן זיך אין געזעלשאַפֿטלעכע אונטער
נעמונגען אע. „ווערט נישט גוט דער אַסימילאַ
ציע...חתונה געהאַט...און שוין געוואויר
געוואָרן אַז דער מאַן איז אַ שלעגער...שרײַט זי:
אַבּסטינענציע“, פּרץ.

אָבּסטעטריק — די. מצ נבּ. < אײ < ל.
צווײַג פֿון מעדיצין וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן
וואוילזײַן און היילן פֿרויען בּעת
שוואַנגערשאַפֿט, קימפּעט און גלײַך נאָכן קימפּעט. אַקו.
שעריע.

אַבּסטע'טריקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
ספּעציאַליסט אין אָבּסטעטריק.

אָבּסטעטריש — אַדי. וואָס האָט צו טאָן מיט
(איז שייך צו) אָבּסטעטריק. נײַע אָ'ע מעטאָדן.

אַבּסטענירן — אוטוו. ־ניר, אַבּסטענירט. דזוו
אַבּסטינירן.

אַבּסטראַהירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַבּסטראַהירן. ← אַבּסטראַקציע.

אַבּסטראַהירן — טרוו. ־היר, אַבּסטראַהירט.
אויך מיט ז י ך. < אײ < ל. אויך:
אַבּסטראַגירן. 1. מאַכן אַבּסטראַקט, דערפֿירן
צו אַן אַבּסטראַקציע. אָפּטײלן, אויסטײלן (איין
אַספּעקט, איין מאָמענט פֿון אַ געשעעניש,
אויסלאָזנדיק אַלע אַנדערע אַספּעקטן און מאָמענטן,

אָדער איין שטריך, איין פּרט פֿון אַ גאַנצן
קאָמפּלעקס). אַ, די קאָנקרעטע פֿאָרמען.
2. שאַפֿן אַבּסטראַקטע באַגריפֿן (ווי בּוים,
פֿאָלק, צאָל אאַזוו). היפּך פֿון קאָנקרעטיזירן.
אַבּסטראַ'קט — אַדי. < איי < ל. 1. וואָס
איז אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט פֿון קאָנקרעטע

אַבּסטראַקטיוו

פּרטים און פֿאָרמען; וואָס איז אָפּגעשיידט פֿון
אינדיווידועלע באַשטאַנד־טיילן [ווי בּשעת מע
טראַכט וועגן אייגנשאַפֿט 'בּלויקייט, אָן
קאָנקרעטע בּלויע זאַכן, אָדער אייגנשאַפֿט ,
גוטסקייט, אָן קאָנקרעטע גוטע מעשׂים אאַזוו].
2. וואָס ווערט אויפֿגענומען אין תּוך, אין דעם
עצם תּמצית פֿון באַגריף אָן קאָנקרעטע
פֿאָרשטעלונגען, ווי: די אַ'ע אידיי פֿון גאָט, דער
אַ'ער אמת, אַ'ע מאָראַל אאַזוו. 3. וואָס
מע קען משׂיג זײַן נאָר מיטן שׂכל. „דער
דריטער 'אַני־מאמין, איז צו אַ', נישט יידיש.
ס'פֿאָלק באַגרײַפֿט ניט אַזאַ גאָט“, אָפּאַ,
פּוילישע וועלדער. 4. וואָס איז דער היפּך פֿון
קאָנקרעט, זאַכלעך, ממשותדיק. אַ'ע רייד,
אַ'ער פּלאַן, אַ'ער פֿאָרשלאָג. 5. וואָס איז

שווער אויפֿצונעמען אָדער פֿאַרשטיין, ווי אַ'ע ספּעקולאַציע, אַ'ע מעטאַפֿיזישע טעאָריע. 6. (מאַטעמאַטיק) וואָס איז שייך בלויז צו צאָלן אָן שום פֿאַרבינדונג מיט מאָסן און זאַכן; וואָס איז שייך בלויז צו פֿאָרמלען, גילטיק פֿאַר אַלע מינים גרייסן. 7. (מאָלערײַ) וואָס איז אומאָפּהענגיק פֿון קאָנקרעטע מוסטערן [נאָר איז אַ קאָמבינאַציע פֿון ליניעס, געאָמעטרישע פֿיגורן און פֿאַרביקע פֿלעקן]. אַ'ער מאָלער. 8. (מוזיק) א) וואָס איז אָן פֿאַרבינדונג מיט ווערטער אָדער ספּעציפֿישן פּראָגראַם־אינהאַלט; ב) וואָס איז געבויט ניט אויף אָנגענומענע האַרמאָנישע סיסטעמען.

אַבסטראַקטי'וו — אַדי. וואָס איז ניט אין הסכּם מיטן רעאַלן מצבֿ, באַדערפֿעניש. וואָס איז ניט־ממשותדיק און מע קען ניט אויפֿנעמען מיט די חושים. אַ'ער נאָמען (גראַמאַטיק) ווי: ייִדישקייט, ייִדנטום, גוטסקייט.

אַבסטראַקטערהייט — אַדוו. אויף אַן אַבסטראַקטן אופֿן. „ער גייט צו צום ענין אַ„ אים פֿעלן פֿאַקטן און ציפֿערן כּדי צו באַטראַכטן די פֿראַגע קאָנקרעטער און זאַכלעכער“.

אַבסטראַקטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַבסטראַקט.

אַבּסטראַקציאָניסט — דער, ־ן. מאָלער
פֿון אַבּסטראַקטע געמעלן, בּילדער.
אַבּסטראַקציע — די, ־ס. 1. מצבֿ פֿון זײַן
אַבּסטראַקט. דאָס אויסטיילן און דאָס אָנווײַזן
אויף דעם אַלגעמיינעם. 2. מענטאַלער
פּראָצעס בּײַם קאָנצענטרירן זיך אויף איין אַספּעקט
פֿון אַ דערשײַנונג, אויף איין אייגנשאַפֿט פֿון אַ
זאַך, ווי בּײַם טראַכטן וועגן 'ווײַס, אָדער '
ווײַסקייט, בּכלל, ניט וועגן ווײַסע אָבּיעקטן.
3. אידיי, קאָנצעפּט, וואָס איז ניט געבּונדן מיט
(ניט קיין פּראָדוקט פֿון) רעאַלקייט, נאָר פֿון
ריינער מחשבֿה, פֿון ספּעקולאַטיוון מוח.
4. (מאָלערײַ) בּילד וואָס איז אַבּסטראַקט, בּ7.
אָבּסטרואירן — סרוו. ־איר, אָבּסטרואירט.
בּלאָקירן. שטערן. ניט דערלאָזן צו עפּעס, לייגן
שטרויכלונגען אין וועג. אָ, אַ פּלאַן, אַן
אונטערנעמונג.
אָבּסטרוקטי'וו — אַדי. שטערעריש,
פֿאַרהאַלטנדיק, צעשטערעריש (דערעיקר בּשײַכות
מיטן געזעלשאַפֿטלעכן לעבּן). אָ'ע מיטלען,
טאַקטיק.
אָבּסטרוקטירן — טרוו. ־טיר, אָבּסטרוקטירט.
דזוו אָבּסטרואירן.

אָבּסטרוקציאָניזם — דער, ־ען. 1.
טאַקטיק פֿון שטערן בײַם אָננעמען אָדער דורכפֿירן
גערעץ, שטערן אָננעמען באַשלוס אויף אַ
פֿאַרזאַמלונג אָדער אויסהערן אַ רעדנער אדגל.
2. פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע שיטה וואָס
באַטראַכט אָבּסטרוקציע ווי וויכטיקן מיטל אין
איר קאַמף.
אָבּסטרוקציאָניסט — דער, ־ן. ווב ־ין,
־קע, ־ס. שטערער (בײַם אָננעמען באַשלוסן,
בײַם פֿירן פֿאַרזאַמלונגען). אָנהענגער פֿון
אָבּסטרוקציאָניזם.
אָבּסטרוקציע — די, ־ס. < איי < ל. 1.
בכּיוונדיקע שטערונג (אין אַ פּאַרלאַמענט) בײַם
באַטראַכטן און אָננעמען געזעץ (דורך לאַנגע
דרשות, טומלענישן, פֿאַרלאָזן די זיצונגען).
אָרגאַניזירטע טומלעניש צו שטערן אַ רעדנער
אָדער בײַם אָננעמען אַ באַשלוס אויף אַ
פֿאַרזאַמלונג. 2 פֿאַרהאַלט פֿון שטראָם,
באַוועג.
גונג; פֿאַרשטאָפּונג פֿון אַ קאַנאַל. „אַן אָ, אין
אַ בלוט־געפֿעס שטערט דער נאָרמאַלער
בלוטצירקולאַציע“. 3. מאָגן־פֿאַרשטאָפּונג, עצירות.

האָבן אַן אָ, אין בויך — פֿילן קראַמפֿן אָדער
--▯
בורטשעניש אין בויך.
אָבסיאַדען — טרוו. ־דע, אָבס אַדעט. סל.
׳
< פויל, אוק. אַרומזועצן; באַזעצן,
אײַנאָרדענען. „ווי אַזוי ער וועט זיי אַלע אָ, לעבן זיך“,
מעצקער, זיידנס פֿעלדער. אויך מיט ז י ו.
אָב'סידיאַ'ן — דער, ־ען. אַ וואולקאַן־שטיין,
וואולקאַניש גלאָז פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן, מיט
שטאַרקן גלאַנץ. < פרט־נאָמען Obsius [וואָס
האָט דעם מין געפֿונען אין עטיאָפּיע].
אָבסי'וו — דער, ־ן. סל. < אוק. שטיקל פֿעלד
וואָס איז על..פּי טעות ניט פֿאַרזייט. „דער אָ,
זעט אויס ווי אַ פליך צווישן די פֿאַרזייטע
פֿעלדער“.
אַבסי'נט, אַבסע'נט — דער, ־ן. 1. (
געוויקס) ווערמוט,
Artemisia absint־ .וועראעמקרויט
־hium 2. ליקער,
געמאַכט פֿון וועראוט און
אַניס, מיט גרינלעכן
קאָליר, ביטערלעך. [קען זײַן
שעדלעך פֿאַרן געזונ▯].

אַבּסינטי'ן — דער. סם פֿוו אַבּסינט.
אַבּסענטי, — דער, ־ס. אַמ. ווער עס איז
ניטאָ, בּאַטייליקט זיך ניט (אין אַרבּעט,
פֿאַרזאַמלונג אע).
אַבּסענטירן — אוטוו. ־טיר, אַבּסענטירט.
אַרכ. זײַן אַוועק פֿון אַן אָרט, זיך ניט געפֿינען.
"ניט בּלוינן [= לוינען]...מבֿיתי...על ימים
מעוטים צו אַ'", אגרת שלמה.
אַבּסענטעאיזם — דער, ־ען. < איי < ל.
1. פּראַקטיק פֿון ניט־בּאַטייליקן זיך. דאָס אָפּטע
(כּסדרדיקע) ניט קומען צו דער אַרבּעט.
2. דאָס ניט וואוינען פֿון לאַנדבּאַזיצער אין
געגנט וואו עס געפֿינט זיך זײַן גוט.
אָבּסערוואַטאָר — דער, ־ס (
1. ווער עס
אויך: ־טאָ'רן).
ונ ־ין, ־קע, ־ס. < איי < ל.
גיט אַכט. צוקוקער. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט
אָבּסערווירן ←. 2. פֿאָרשטייער (פֿון אַ
רעגירונג, געזעלשאַפֿט) וואָס קומט צו אַ
קאָנפֿערענץ זיך צוצוהערן און אָפּצוגעבּן בּאַריכט,

אַבּסצעם

אָבער נעמט ניט קיין אַקטיוון אָנטייל. 3. דער וואָס פֿליט מיט אין אָן עראָפּלאַן צו באַריכטן וועגן מיליטערישע אָדער אַנדערע אָבסערווירונגען. 4. אַכטגעבער בײַ וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן און עקספּערימענטן.

אָבסערוואַטאָריע — די, ־ס. אינסטיטוציע (בנין) פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע אַכטגעבונגען מיט ספּעציעלע אינסטרומענטן (דערעיקר פֿאַר אַסטראָנאָמישע און מעטעאָראָלאָגישע פֿאָרשונגען).

אָבסערוואַ'נט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע, ־ס. אָבסערווירער ←.

אָבסערוואַציע — די, ־ס. 1. אַקט פֿון אָבסערווירן. פּינקטלעכע, גיכע, גערעכטע אאַזוו אָ'. 2. רעזולטאַט פֿון אָבסערווירן. באַזונדערער פּרט אין סכום וויסן וואָס מע האָט דערגרייכט בײַם וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן אָדער בכלל בײַם צוקוקן זיך.

אָבסערווירונג — די, ־ען. אָבסערוואַציע. אָ'־פֿעאיקייט, אָ'־קראַפֿט. „...אַ פּראָדוקט פֿון זײַן שאַפֿונגס־קראַפֿט, ניט פֿון זײַן הוילער אָ'־פֿעאיקייט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער.

אָבסערווירן — טרוו. ־וויר, אָבסערווירט. < איי > ל. 1. באַמערק▯, זען (ווי אַ זײַטיקער, מן־הצד). „אביר ער האָט אליש וואול

אפּזארפֿירט און, איבּרליגט“, גה, ז, 22.
אָבּסערוויר־וואַגאָן = (געווײַנטלעך) לעצטער וואַגאָן
אין בּאַן מיט גרויסע פֿענצסער צו אָ, די
לאַנדשאַפֿט. 2. זיך גוט צוקוקן, נאָכקוקן;
סיסטעמאַטיש בּאַטראַכטן. „האשטו אַך וואַל
אפּזורפֿירט אַל אונזיר עושר און, כּבֿוד און, זאלכי
גרושי הערליכקייט“, גה, ז, 172.
אָבּסערווירפֿעאיק(ייִט). 3. אָפּהיטן. אַרכ. *אָ, די צײַט =
געפֿינען דעם פּאַסיקן מאָמענט. „איך זאָל די
צײַט אבּסערפֿירן אלש איך אין אַהיים...
פֿירן“, מכירת יוסף, פּפֿמ, 4 .1713. צוקוקן
זיו (אויו מיט אינסטרומענטן) צו
דערשײַנונגען פֿון נאַטור און פּסיכישער
וועלט (ווי יסוד פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע
אויספֿירן). אָ, דאָס לעבּן פֿון בּינען, דעם
פּלאַנעט מאַרס, אַרויסווײַזונגען פֿון כּעס אאַזוו.
אָבּסערוויר־אַפּאַראַט, ־מעטאָד, ־רעזולטאַט אאַ.
אָבּסערווירער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס אָבּסערווירט.
אַבּסציסע — די, ־ס. < איי < ל. (
מאַטעמאַטיק) האָריזאָנטאַלע
ליניע פֿון
קאָאָרדינאַטןס י ס ט ע ם. די
לענג, די ליניע פֿון

פּערפּענדיקולאַר צו
דער אָרדינאַטע,
פּאַראַלעל צו דער אַ',
געצויגן פֿון אַיעדער
פּונקט. [XX איז די
אַבּסציסע, yy די אָרדינאָטע. די אַ, פֿון
פּונקט P איז PB אָדער AO; די אָרדינאַטע
פֿון פּונקט P איז PA אָדער BO].
אָבּסצע'ן — אַדי. < איי < ל. שמוציק, ניט
אָנשטענדיק, פּאָרנאָגראַפֿיש. אָ'ע בּילדער, אָ'ע
בּאַשרײַבּונג.
אַבּסצע'ס — דער, ־ן. < איי < ל. געשוויר.
לאָקאַליזירטע אָנזאַמלונג פֿון אייטער, מ

אָבּסקוראַנט

ריע אין אַ חלל פֿון גוף (געשאַפֿן דורך
צעשטערונג פֿון קערפּער־געוועבן).
אָבּסקוראַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
< איי < ל. 1. ווער עס שטרעבּט צו שטערן
דעם פּראָגרעס פֿון בּילדונג, וויסנשאַפֿט.
שׂונא פֿון אויפֿקלערונג. 'פֿינצטערלינג'.
2. עם־האַרץ אין וועלטלעכן וויסן.
אָבּסקוראַנטיזם — דער, ־ען. שיטה,

געדאַנקען־גאַנג פֿון אָבסקוראַנט. שנאה צו בילדונג, אויפֿקלערונג. ־יסט = פּרינציפּיעלער אָנהענגער פֿון אָבסקוראַנטיזם. „ער אַליין איז אַ געבילדעטער, אָבער אַ פֿאַרביסענער אָ"".

אָבדראַנעץ — דער, ־נצעס. דזוו אָבאָדראַנעץ. „עס קומט זײַן יום־הדין... פֿאַר חבֿרן זיך מיט אָ'נצעס“... „ווידער באַשטראָפֿט מיט: 'לאָז ער גיין ווי אַן אָ"“, בערג, בײַם דניעפּער I.

אַבעדריק, אָבעדריק — דער, ־עס. < פּויל, אוקר. (< נאַבעדריק: אַ נאַבעדריק, אַן אַבעדריק). 1. רימען (פֿון פֿערדס לעדערנעם געשפּאַן) צו פֿאַרציִען און פֿאַרשפּיליען אַרום די לענדן. „איך זוך מיט די אויגן און דערזע: אין די אַ'ס מיט שלייעס שטייט אָפּגעשפּאַנט בײַ דעם הינטערשטן בײַדל אײַער פֿערדל“, ממוס, פּישקע. 2. (שוסטערײַ) רימען צוצופֿעסטיקן דעם שוך צום קאַפּול.

אָבעזיאַנע — די, ־ס. < וור, אוק. אויך: אַבעזיאַנע, אָבוזאַנע, אַבוזאַנע, בוזאַנע, בוזשאַנע. 1. מאַלפּע. נאָכקרימען, נאָכמאַכן וו אַן אָ'. זיך קרימען ווי אַן אָ'. „אַז איינער זעט אַ מורין דאָס ערשטע מאָל, אָדער אַ קאַרליק, אָדער אַ בוזאַנע, אָדער אַ העלפֿאַנט,

(מאַכט מען) די ברכה...משנה הבריות“,
ברכות מנחם, קעניגסבערג, תּרי“ח, טז/א.
,,אַלע נבֿיאים לגבי מדרגת משה זענען געווען
ווי אַבעז אַנע אַנטקעגן אַ מענטשן“, נוצ II.
י

2. זייער אַ מיאוסער, העסלעכער מענטש.
אָבעזפּעטשען — טרוו. ־טשע, אָבעזפּעטשעט.
סל. < רוס פֿאַרזאָרגן; זען עמעצער זאָל
.
האָבן פֿון וואַנעט צו לעבן. ,,וואָס הערט זיך מיט
דער דוכאָוונע זאַוועשטשאַניע? ווען וועט ער
איַך אָ,?,,, שע, ,אין צווייען אַ זעקס און
זעכציק'.
אָבעזפּעטשעניע — די, ־ס. רוסיצ
פֿאַרזי.
בערונג, גאַראַנטיע. ,,דער וועקסל אַליי▯... איז אַ
קליינע אָ, און פֿאַרלאַנגט משכנות אויך“,
ייִפֿאָל, 40 1885, No.
אָ'בעט — דער, ־ן. דזוו אָבאָד ←.
אַבעטקע — די, ־ס. < אוק. דזוו אַזבוקע ←.
,,בעסער אַ קאָנפֿעטקע איידער אַן אַ'“.
אָבעטשייקע — די, ־ס. דזוו אָביטשיַקע ←.
▯ -
אַבעטשעדאַ'ר — דער, ־ן. < רומ. שולביכל

מיטן אַלפֿאַבעט, אַבֿעצע; דאָס ערשטע לערנבֿיכל אין שול. „ער קאָן ניט קיין צורת־אות, ער קאָן אַפֿילו נישט לייענען דעם אַ'“.

אַבֿעיה — [אַבֿאַ'יע] די, ־יות. אויך: אבֿעיא, בֿעיא, בֿעיה. תּל. פֿראַגע וועגן אַ פּרט פֿון אַ דין, וואָס מע האָט ניט (אָדער ס'איז שווער צו געפֿינען) דערויף קיין (אַן) ענטפֿער. „...וואָס יעדער בּאַהאַוונטער תּלמיד וועט אַמאָל מחדש זײַן וכו, אין אַלע איינצלהייטן פֿון די אַבֿעיות פֿון ר, ירמיה...“, תּניא, 318.

14

אַבֿע'ל — גנ. שטעטל אין ראַקישקער קרײַז, אומאָפּהענגיקע ליטע. [אין 957 — 1897 אײַנוו,, 652 ייִדן. צו יענער צײַט אויפֿן בית־עולם מצבֿות 400 יאָר אַלט].

אָבֿעלי'סק — דער, ־ן. < איי < ל, גר.

1. פֿירקאַנטיקער מאָנאָליטישער זײַל (שטיין) וואָס פֿאַרשמ□לערט זיך אין דער הייך און פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ פּיראַמידל [פֿון די אַלטמצרישע מאָנומענטן]. „די צוויי זײַלן ווערן אָנגערופֿן אָ'ן“, אמד,

־ מסע מצרים, ווילנע 1864. „אָ, פּלאַס
דע לאַ קאָנקאָרד [אין פּאַריז], וואָס זאָגט אונדז
דײַן אָ'?“, עק. 2. צייכן פֿון אַ סטילעט,
געניצט ווי אַ מראה־מקום. אדי: ־יש, ־אַ'ל.

אַבּעלמאָ'סק — דער, ־ן. < איי < אַראַבּיש.
[—־ פֿאָטער פֿון מוסק]. גראָז מיט אַ געלבלעך
בּלימל, פֿון פֿאַמיליע Malvaceae, וואָס זײַנע
זאָמען ניצט מען פֿאַר אַ מין פּאַרפֿום (מוסק)
.A1)elmosc]□us mosclʇatus

אַבּעלעס לייד'...קרענק פּראַזע. < אבּא.
— —
שטאַרקע לײַדן, גרויסע צרות. אַרומגיין אין
אַבּעלעס לײַד, ליגן אין אַבּעלעס קרענק □ זײַן
אויף גרויסע צרות. „ער האָט, ניט פֿאַר אונדז
געדאַכט, אַבּעלעס לײַד, מיט איין וואָרט: ער איז
אויף גרויסע צרות, ער ליגט אין געהאַקטע
וואונדן“.

אַ'בּעלע־ריידער — בּא. [פֿון דעם נאָמען
אבּא]. לאָקל, ראָדעם. עמעצער וואָס האָט ליבּ אַ
סך צו ריידן; פּלאַפּלער, פּאַפּליאָך, מאַרגאָל
[ווייכע □].

אַ'בּענעס, אַבּע'רנעס, אַ'בּערנס — אַדוו.
לאָקל, האָמלע, מאָהילעווער גובּ.. דזוו

איבעראַנײַס. צײַט.
אַבעסיניע, ־ניש — ← אַביסיניע, אַביסיניש.
אָבעסנ אָ'שקען זיך — אוטוו. ־קע זיך, זיך
י
אָבעסניאָשקעט. שפּאָטיש, אָפּלאַכעריש פֿאַר
אָביאַסניאַיען זיך, דערקלערן זיך אין ליבע (
אָנצוהערעניש אויף פֿאַרסניאָשקעט = שיכּורלעך,
בגילופֿין).
אַבעצאַדלע — די (דער), ־ס. < פּויל.
פּוילישער אַלפֿאַבעט. דאָס עלעמענטאַרע לערנען זיך
לייענען, פֿון אַבעצע, נאָך אותיות נאָך.
אַ־בע־צע, — דער, ־ען. 1. די ערשטע דרײַ
אותיות פֿון לאַטײַנישן אלף־בית (לויטן
דײַטשישן אַרויסרייד). דײַטשישער אַלפֿאַבעט.
אָלפֿאַבעט בכלל. „אײַער שרײַבער...לערנט דאָך
שוין איצט מיט אײַערע קינדער דעם אַ־
בעצע“, י. ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה בערלינער,
לבֿובֿ 1896. 2. אָנהייב, התחלה, יסוד(ות)
פֿון אַ קענטעניש, געניטשאַפֿט. ערשטער
אַרײַנפֿאָר, ערשטע טריט. אַ, פֿון אויפֿפֿירן זיך,
האַנדל, פֿאַך אאַזוו.
אַבעצעדאַ'ר אָ — דער, ־ס. שפּאַ. אויך:
י
אַבעסעדאַ'ריאָ. אַבעצע, אַלפֿאַבעט, ספּעצ:

פֿון שפּאַניש.
אַבּעצעדלע — דזוו אַבּעצאַדלע. „און איר העפֿטן און איר שטיקן? האָט איר געזען דעם גויאישקן אַ, וואָס זי האָט אויסגעשטיקט?„, עט, משליס.
אָבּער — קאָנ. Mhd: aber. 1. ווײַזט אויף אַן אַקעגנשטעל(ונג): און דאָך פֿאָרט, נאָר,
,

אָבּערלהיפּך צום פֿריִערדיקן. יונג, אָבּער געניט; עס פּאַסט ניט, אָבּער עס איז גוט. „אַ ייִד איז דאָס קלענסטע בּאַשעפֿעניש, אָבּער איטלעכו גרויס אין די אויגן“, שוו. „גרינג צו זאָגן, אָבּער שווער צו טראָגן“, שוו. “אַ ליגן טאָר מען ניט זאָגן, אָבּער דעם אמת דאַרף מען ניט זאָגן“, שוו. „דאָך אָבּער וויל איך פֿריִער נאָך עפּעס אויסהייבּן פֿון אײַך“, אמד. „דערפֿאַר אָבּער, אַז איר וועט ערגעץ שוין אָנשמעקן אַ מויד — וועט עס שוין גיין ווי אַ מזמור“, ממוס, פֿישקע. „וואָס מיר זײַנען — זײַנען מיר, אָ, ייִדן זײַנען מיר“, פּל. 2. ווײַזט אויף אַן אויסנעם, יוצא־מן־הכלל: (אַ)חוץ, מיטן אויסנעם

פֿון. אַלע פֿאָלגן, אָבער ניט ער. „קרום איז ניט גלײַך, אָבער אַ קרומער לייטער איז גלײַך“, פֿוּול. 3. ווײַזט אויף פֿאַרשטאַ□□־קונג: נאָך מער ווי, שוין איינמאָל אַזוי. (מיט ספּעציעלער באַטאָנונג). ער איז נאַריש, אָבער נאַריש! „דורך גרויס עגמת־נפֿש און גרויס שרעק איז ער שלאַף געוואָרן, אָבער זייע□ □ שלאַף“, ספֿר בית רבי, ווילנע 1904. 4. קומט אַנשטאָט אָדער, אַרכ; פּאָד, אוקר, צעוואָרפֿענע וורר. „עז מוז דיר גוויש ניט באַנג זיין אַז דוא... קיין בריבֿ ניט שרי□בשט, אָבר [= אָדער] מושט גרוישה שאקים [= עסקים] פֿיר האָבן“, פּראָגב, 42. „בענדיר אונד שטריק ווי מאַן זיא ברויכט, דין אָבר דיק“, „איין שין ליד פֿון די הנד ווערקש לייט', פֿש I. „אנטפֿרשט הקב“ה וויל אלהיא איין נס טאָן, אָבר הקב“ה וויל דז קיינר זאָל ניט עוסק זיין מיט אים„, נצ 1, נ/ג. „איך האָב מיך צו קיין מענש גיהאט צו ווענדן אָבר צו קעהרן“, עיון, הקדמה. „מען מעג צו קלאַפּין פּעפֿיר אובר זאַלץ לכּבֿוד שבת, רק נישט אין שטייסל, נאָר מיט דער שטיל פֿון דעם מעסר“, שלחן ערוך, א, ח/ב [זשאָלקווע? אָנהייב 19. יה7]. „האָבן זיי געזען סע שטייט דאָרט אַ סך וועגלעך מיט

חולאָים פֿערציק אָבער פֿופֿציק", נחב, 'מעשׂה
בחכם ותּם'. "— אָבער אַהין □ בער אַהער!" —
"גענוג אָבערס! אָבער עסט אַ פֿערד", פֿוול [וואו
עס קומט פֿאָר דער איבערבײַט אָדער: אָבער,
און עס פֿעלט די פֿאָנעם ה, באַקומט זיך אָבער
□ = האָבער].
אָבער — דער, ־ס. סוב. אויסרייד, תּירוץ
פֿאַר,
ענטפֿערונג. טו עס גלײַך, אָן אַן אָבער. הער
אויף מיט דײַנע תּירוצים און דײַנע אָ'ס. "עס
איז געווען אַ יִדישקייט אָן אָ'ס... אָן פּשרות,
אָן צעטיילענישן", מוק, באַגעגענישן II.
אָבער — דער, ־ס. דטשמ. 1. אייבער־קעלנער.
מע דאַרף צורופֿן דעם אָ, 2. הויכער
באַאַמטער, דער אייבער. "און אַלע נעמען: דער
אונטער נעמט, דער אָבער נעמט, דער קאַפּיטאַן
נעמט", שע.
אָבער־ — ← אייבער־. דטשמ. ערשטער טייל
פֿון אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן־דײַטשמעריזמען,
למשל: אָבער־אינטענדאַנט, אָבער־הויפֿאַגענט,
אָבער־הויפֿמײַסטער, אָבער־פּאָליצמײַסטער, אָ'־
קעכער (דוגמאות פֿון קמ, 1863 & 1864).
"אַ גליק וואָס עס קומט אַרײַן דער קאָנדוקטאָר
מיטן אָ'־קאָנדוקטאָר, און עס ווערט אַ טומל,

אַ מהומה״, שע, מאָטל. „מאַנכע געסט...האָבן
צוגערופֿן דעם אָ'־קעלנער״, אר, 'דער קעלנער'.
״דער אָ'־קאַמערהער וועלכער האָט גרויס חן

אָבער און אָבער

בײַ די קעניגין״, איסטאָריע II. [אַ צאָל
ווערטער מיט אָבער — אַריבערגענומען פֿון רוסיש].
אָבער און אָבער, אָבער און ווידער —
אַדוו. ווידער און ווידער, נאָכאַנאַנד, אַ סך מאָל
כסדר. זאָג עס ניט אָבער און אָבער. אָבער און
ווידער בולבע! „איצט אָבער [מחמת איסור
קטניות] איז אויף אונדז אַן אומגליק, מע מוז
האָבן אָבער מצה און ווידער מצה״, יודישער
פֿאַר־פּסח. „מיר מאַטערן זיך נעבעך, אָבער
און ווידער״, צונ, דער סנדק, ווילנע 1897.
אָבעראַמאַל — אַדוו. נאָכאַמאָל; כסדר, כמעט
אָן אויפֿהער. „איך זאָג עס נאָכאַמאָל און
אָבעראַמאָל״, צײַט. „יאָ, ווידעראַמאָל בוזי,
ווידעראַמאָל און אָ, בוזי״, שע, 'שיר־השירים'.
„זיי האָבן זיך אָ, געקושט״, א. ל.
קאַרטוזשינסקי, דיא גליקלעכע פֿאַמיליע, וואַרשע
.1881
אָבעראַמערגאַו — גנ. דאָרף אין

אייבערבײַערן (דײַטשלאַנד), באַוואוסט מיט זײַנע ,,
פּאַסיאָן־שפּילן,, (זינט 1634), אויפֿגעפֿירט מיט
דער באַטייליקונג פֿון דער גאַנצער
באַפֿעלקערונג.

אָבעראָ'ן — דער. פּרט־נאָמען. < פֿר.
(פֿאָלקלאָ) קיניג פֿון די פֿייעס; וואַלדקיניג.

אַבעראַציע — די, ־ס. < איי < ל. 1. אָפּ
ווײַכונג (פֿון אמת, מאָראַל). אָפּנייג פֿון
נאַטירלעכן מצבֿ. אַ'ס פֿון דער יוגנט, פֿון אַ טעאָריע.
2. (אַסטראָנאָמיע) קליינער פּעריאָדישער בײַט
אין דער פּאָזיציע פֿון די הימלשע קערפּערס
(מחמת דער באַוועגונג פֿון ליכטשטראַל און פֿון
דעם אַכטגעבער). פּלאַנעטאַרישע אַ'. 3. (
אָפּטיק) א) דער ווידערצונויפֿקום פֿון ליכטשטראַלן
וואָס קומען פֿון איינאיינציקן פּונקט, נאָכדעם
ווי אין זייער וועג האָבן זיי זיך איבערגעבראָכן
אין אַ לינדז אָדער זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ
שפּיגל; ב) אָפּנייג פֿון אַזעלכע שטראַלן פֿון אַן
איינציקן פֿאָקוס. ספֿערישע אַ, = אַ, וואָס איז
אָפּהענגיק פֿון ספֿערישער פֿאָרעם. 4. (
מעדיצין) דאָס אַרײַנדרינגען פֿון בלוט (אַנדערע
פֿליסיקייטן פֿון קערפּער) אין טיילן פֿון גוף וואָס
זײַנען פֿאַר דעם ניט באַשטימט. 5. (
ביאָלאָגיע) אָרגאַן אָדער אינדיוויד וואָס ווײַכט אָפּ

פֿון נאָרמאַלקייט.

אָ רגלויבּ — דער, ־ס. דטשמ. אויך:

אַבּערן

ויבּן. גלייבּעניש, גלייבּעכץ (וואָס בינדט

זיך געוויינטלעך מיט אַ סגולה, אַ תּרופֿה, אַ
סימן אַז עפּעס דאַרף געשען). פּרט פֿון אַ גלויבּן
וואָס ווערט באַטראַכט ווי פֿאַלש, אומקולטורעל,
פּרימיטיוו. דער קריסטלעכער אָ, אַז עס איז ניט
מזלדיק פֿריַיטיק דער 13טער פֿון אַ חודש.

אַבּער(אָבּער)גלויבּער — דער, ־ס(?). דטשמ.
גלייבּעכצדיקער; ווער עס גלייבּט אין סגולות.
זאַבּאבּאָנעס, סימנים אע. „ווי דאָס רובֿ
קאָרטנשפּילער [איז ער] ניט נאָר אַ גרויסער מאמין,
נאָר אַן א', גלייבּט אין גוטע און שלעכטע
חלומות, גייט נישט אַריַין אין קלובּ נישט
מאָנטיק, נישט דעם דריַיצנטן“, שע 'די פֿריילעכע
קאָמפּאַניע'.

אָבּערגלייבּיק, ־בּיש — אַדי.
גלייבּעכצדיק, וואָס האַלט פֿון גלייבּענישך,
איַינרעדענישן,
סגולות (אומגעראָטענער פּרוּוו צו פֿאַרייִדישן
דטשמ). „ייִדן זאָלן ניט זיַין פֿאַנאַטיש, אָ'יש“,

א. י. בּוכבּינדער, די שיינע גיטעלע, וואַרשע
.1894

אַבּערדי'ן — 1. גנ. ג, און שטאָט איו
צפֿונמזרח שאָטלאַנד. 2. ספּעציעלער מין
שוואַרצע בּהמה אָן הערנער וואָס קומט פֿון דער ג..

אָבּערוואַניעץ — דער, ־צעס. < פּויל. דזוו
אָבּאָרוואַנעץ.

אָבּערזיצקאָ — גנ. שטעטל אין פּויזנער
וואָיע, [געבּוירן אָרט פֿון היסטאָריקער און
-
בּיבּליאָגראַף אַבֿרהם בּעלזענער].

אָבּערזשינע — די, ־ס. < פֿר. גרינצײַג;
אין פֿאָרעם פֿון אַ גרויסער בּאַרנע,
וויאָלעט־קאָליר [שטאַמט פֿון
דרומֿמזרח אַזיע]. ווערט געגעסן

געבּראָטן, געבּאַקן. אויך: בּלויע
פּאַטלאַזשאַנע, בּעס. ־solanum melon
.gena, ־ ▯ ▯ eggPlant

אָבּערטי'ן — גנ. שטעטל אין קאָלאָמייער

ג,, האָראָדענקער קרײַז, סטאַניסלער וואָיע, [אין 1910 — 3,000 ייִדן].

אָבער־יודע — דער, ־ן. דײַטש. אין געטאָס, לאַגערן, אונטער די נאַציס: דער עלטסטער איבער ייִדן אין אַ פֿאַבריק, וואַרשטאַט (מע פֿלעגט עס אויסטײַטשן איר: אָבער איז דאָס אַ ייִד!). בלום.

אָ'בערלאָק — דער, מצ7 אויך: אָ'וערלאָק. פּר, מעג. (← אָבערראָק). אייבערשטער מענערמלבוש פֿון אַ נײַמאָדישן פֿאַסאָן. ,,.... געקומען אין אַ נײַעם אָ', אין אַ ברייטער פּעלערינע".

אָ'בערליכט — דאָס, מצ7 לאָקל קאָלאָמיי און ג'. אייבערשטע פֿאָרטקע (לופֿטשיק) פֿון אַ פֿענצטער. ,,עפֿן דאָס אָ, און לאָז אַרײַן אַ ביסל לופֿט,,.

אָ'בערן — טרוו. אָבער, געאָבערט. אומאַן. אָפּ באַרן. (גאַרבערײַ) אַראָפּנעמען האָר פֿון דער פֿעל, נאָך דער זאָלע.

אָבערעמע — די, ־ס. < אוק. ברעם, ברע־ מענ(י)ע, אָבערעמ(אָק). 1. שײַטלען האָלץ וואָס מע קען אַרומנעמען (און טראָגן) מיט ביידע הענט. ,,עס שלינגט אײַן דער אויוון צוויי אָ'ס האָלץ,,, בערג. ,,דער טאַטע זשאַלעוועט

שוין אַפֿילו אַן איבעריקן אָבערעם האָלץ
אַרײַנצוּוואַרפֿן אין הרובֿע“, אַקערמאַן, טמ▯,
29 ▯ 1959 III.

אָ'בערעק — דער. פּאָד. דזוו אָבראָק, אָבריק.
*עס שטעכט אים דער אָ, = עס שטעכט אים דער האָבער.

אָבע'רעק — דער, ־קעס. < פּויל. 1. פּוילישער פֿאָלקסטאַנץ מיט שפּרינגעניש. 2. ניגון צום פּאָפּולערן פֿאָלקסטאַנץ און קופּלעט מיט אָט דעם ניגון. „מאָשקע גאָרקיכער האָט זיך מטריח געווען אויסצוזינגען זײַנע זעלנ▯רישע מאַרשן מיט די פּוילישע אָבערקעס“, פּערלע, ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אָבעדפֿלעק — די, מצ. מזרח־, מיטן־גאַליציע. (שוסטערײַ) בלעטלעך לעדער וואָס מע שלאָגט צו (קלעפּט צו) צו די קנאַפֿל. „איך וויל ניט קיין נײַע גאַנצע קנאַפֿל, איר וועט מיר מאַכן אָ“. [che ▯ 1 ▯ [Obe: ▯ . <].

אָבערצ▯ער — דער, ־ס. פּר. אײבערשטער מענער־מלבוש; גרינגער מאַנטל. „אָט קומט אָן

אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. עלעגאַנט
געקליידעט, דער אָ, מיט דער העלער אונטערלאָג
אויפֿן אַקסל“, פּרץ, די רויז,.
אָבערקייט — די, ־ן. דטשמ. אָבער+קייט.
רעגירונג, (מלוכה־)מאַכט, מלכותא דארעא.
„וואָס אַ מענטש שווערט אָדער טוט אַ נדר צו
פֿיל מענטשן ובפֿרט צו דער אָ, איז ניטאָ קיין
...
שום ביטול און היתּר“, הרבֿ הנובֿר, ספֿר שערי
ציון, זשיטאָמיר 1849.
אָבעררראָק — דער, ־רעק. גאַליציע.
אייבעררראָק; אייבערשטער ווינטערדיקער
מענערמלבוש, לויטן אייראָפּעאישן פֿאַסאָן, נײַמאָדיש.
אָ'בערשטינע — די, ־ס. < פויל < דײַטש.
obe]sten. (שוסטערײַ) אייבערשטע טייל לעדער
פֿון אַ שוך וואָס ווערט אינעווייניק
אַרײַנגעבויגן און צוגענייט צו דער פּאָדעשווע.
אָבעשטשאַניע — ד ־ס. רוסיצ. צוזאָג,
הבֿטחה. „צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט, אַן אָ, מוז
מען האַלטן“.
אָבצאַ'ס — דער, ־ן. < פויל, וור < דײַטש.
← אָפּצאַס. קנאַפּל, הינטערשטער און
אונטערשטער טייל פֿון שוך. הילצערנע אָ'ן. גיין

אויף הויכע אָ'ן. אַרויפֿלייגן אַ בלעטל אויפֿן
רעכטן אָ,. ,,פּורים פֿלעגט ער זיך...מוזן מאַכן
אַ פּאָר נײַע אָ'ן, דען ער פֿלעגט המנען די
זײַטן אונטערהאַקן'', א. ל. קאַרטוזשינסקי, ןי
גליקלעכע פֿאַמיליע, וואַרשע 1881.

אָבצווענגע — די, ־ס. < פּויל < דײַטש.
→ אָפּצווענגע. אײַזערנער (שטאָלענער)
מכשיר פֿעסט צו פֿאַרקוועטשן עפּעס צווישן די
'באַקן', כדי עפּעס אַרויסצוציִען, צו פֿאַרדרייען
פֿעסטער אע. ,,ער פֿילט...עמעצער האָט אים
אָנגענומען ווי מיט אַן אָ, ביַים גאָרגל און
וואַרגט אים'', שע, 'פֿאַרשפּעטיקטער פּסח'.

אָבצע — אַדי. < פּויל. פֿרעמד, אויסלענדיש.
ל□.

אָבצענקעס — די. < אוק. אָבצווענגע,
צווענגל צו רײַסן טשוועקעס. מיט אָ,
אַרויסרײַסן אַלטע טשוועקעס.

אַבקע — פֿקפֿ פֿון אַבא II →. ,,מע זאָל עס זען
אויף אַ'ס חתונה,,, פֿוּל = ס'איז אַזאַ גערודער,
צעטומלעניש ווי עס פּאַסט אויף אַ חתונה בײַ
אַ גאָר נידעריקן שטאַנד.

אַבדאָגאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
אָפּשאַפֿונג, אַנולירונג (אויף פֿאָרמעלן אופֿן). אַ, פֿון
אָפּמאַך, קאָנטראַקט, באַציאדנגען אאַזוו.

אַבּראָגירן — טרוו ־גיר, אַבּראָגירט.
אָפּ.
שאַפֿן, אַנולירן (דורך אַן אַקט פֿון מאַכט, געזעץ). אַ, געוויסע פּונקטן פֿון געזעץ, אָפּמאַך.
אָבּראַ'ד — דער, ־ן. סל. < רוס. אויך: אָבּריאַד. ניט־ייִדישער מנהג, פֿירונג. קירכלעכע צערעמאָניע. „ווי פּאַסט עס אַז דער מושל זאָל זיך מיט דעם רובֿ פֿאָלק ניט אָנקערן, ער זאָל זײַן גאָר פראַטיוונע [צו] זייערע אָבּראדן“, קמ, 9 1862, No.
אָבּראָד — דער, ־ן. < רוס, וור. אויך: אָבּראָט. צײַמל פֿאַר פֿערד (פֿון שטריק אָדער אינעווייניקסטער קאָרע). ל2.
אָבּראַדטשיק — דער, ־עס. < רוס, אוק. אַרויסהעלפֿער (בײַם בּרענגען אין אָרדענונג, בײַ צערעמאָניעס). „אַ מענטש מיט

פּראַוואָבּראַדעוען

זשיטעלסטווע, שוואַרץ אויף ווײַס, בּפֿירוש פֿאַר שריבּן אין בּראָדסקיס שול בּײַ די שנײַדערס אַן אָ'“, שע, בּאַן־געשיכטעס.
אָבּראַ'דעוען — טרוו. ־עווע, ־עוועט. סל.

דערפֿרייען. „האָסט מיך אָבּראַדעוועט מיט אַזאַ בשׂורה„, בּריוו. אויך מיט ז י ך.

אָבּראַז — דער, □ן (־עס). פּפֿ: אָבּרעז. סל. איקאָנע. „די פּויערסע צלמט זיך פֿאַרן אָבּראַז וואָס הענגט אין ווינקל“; „בּאַלויכטן פֿון אַ לאָמפּאַדקע, וואָס בּרענט...פֿאַרן אָ, פֿון הייליקן“, יכנה“ז, ייִפּאָל, No. 8, 1890. „אין ערשטן האָבן די טערקן זיך נוקם געווען אין זייערע אָ'עס„, מע□ה ירושלים, וואַרשע 1882.

אָבּראַזאָוועט — אַדי. רוסיצ. אָפּט סוב: די (דער) אָבּראַזאָוועטע(ר). וואָס פֿאַרמאָגט בּילדונג; געבּילדעט□ אָפּט געניצט איר. „אַן אָ'ע, זי איז דורכגעגאַנגען אַלע קלאַסן אין איין טאָג!“. ־וואַניע — די. „אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערט האָט די אָ, געמאַכט אַ גרויסן פּראָגרעס„, דוד יעליק, האמונה והחקירה, אַדעס 1904.

אַבּראַזיע — די, ־ס. < איי < ל. אָפּרײַבּונג, צערײַבּונג. פּראָצעס (אָדער רעזולטאַט) פֿון אָפּרײַבּן זיך פֿון אַ מטבּע דורך איר צירקולירן. אַ, פֿון קופּערנע מטבּעות. אַ, פֿון דער הויט. צעשטערונג פֿון ים־בּרעג דורך ווירקונג פֿון כוואַליעס.

אָבּראַזניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. <
מאָלדעוויש, רומ. אומפֿאָרשעמטע(ר), חוצפּהניק.
עזות־פּנים, מחוצף. „אַ קינד אַן אָ', ענטפֿערט
אַזוי חוצפּהדיק אַן עלטערן ייִד“.

אָבּראַזע'ץ — דער. רוסיצ. מוסטער, מאָדעל,
(געוויינטלעך אין לשון פֿון וואָיאַזשאָרן). „די
וואָס האָבּן אים...געקענט האָבּן אים
אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַן אָ, (מאָדעל) צווישן די
שענסטע...יונגעלײַט“, ייִפֿאָל, 1888, No l3,
בּײַלאַגע.

אָבּראַזשען — טרוו. ־זשע, אָבּראַזשעט. סל.
< פויל. פּד. 1. בּאַליידיקן, מבֿזה זײַן,
זאָלסט ניט אָ, אַן אָרעמאַן. 2. בּאַעוולען,
קריוודען, אָפּנאַרן. „דער בּעל־הבּית איז אַ
חשובֿער ייִד און ער וועט ניט אָ, זײַנע
אַרבּעטער„. אויך מיט ז י ך. זיך אָ, אויף
עמעצן.

אָבּראָ'ט — דער, ־ן. 1. דזוו אָבּראָד ←.
2. יעדער מין צײַמל פֿאַר אַ פֿערד. „
פּאָסטראָנקעס און אָ'ן אײַנצושפּאַנען פֿערד“,
אָשעראָוויטש, שטעט און שטעטלעך אין אוקראַאינע.
3. שטריק צוצובּינדן אַ פֿערד צו אַ סלופּ
(בּוים). וורר.

אָבּראַטנע — אַדי. אינוואַריאַנט. סל. < רוס.

וואָס קומט (אויף) צוריק, אין פֿאַרקערטער ריכטונג. „דער אָטעם גייט ניט צוריק ליידיק וו אַן אָ, פּאָטשט", ליפּשיץ, קמ, 26 1864, No.
י

אַבּראָכאָ —. דער, געוויינטלעך אין מצ ־ס. שפּאַ. שטעכיק געוויקס, דאָרן. „דאָס פֿעלד איז פֿאַרוואַקסן מיט אַ'ס", אַנטאָלאָגיע פֿון ייִד, ליט, אין אַרגענטינע, בּ"א, 1944.

אַבּראַכיאַ'ל — אַדי. < איי < גר. וואָס איז אָן אָרעמס.

אַבּראַם — ← אַבֿרהם.

אַבּראַמאָוויטש — 1. פֿאַרשפּרייטער פֿאַמיליע־נאָמען בײַ רוסישע ייִדן. בּאַטײַט: זון פֿון אַבּראַם, אַבֿרהם. אָפֿיציעלער פֿאַמיליע־נאָמען פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים (1836—1917).

2. גנ. ייִדישער קאָלווירט, בּאַן־סטאַנציע סלוצק, קאַפּולער ראַיאָן, מינסקער קרײַז.

אַבּראַ'מאָווקע — גנ. איבּערוואַנדערער־ישובֿ, קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן, אוקראַאינע.

אָבּראַניע — ← אובּראַניע.

אַבּראַסאָ —, דער, ־ס. שפּאַ. דאָס אַרומנעמען

עמעצן (פֿרײַנדלעך). „גלײַך זיך געלאָזט [צו
אים], געגעבן אים אַ שטאַרקן אַ,“, מ.
רובינשטיין, אַ לעבן אין מעקסיקע.
אָבראָק — דער,.עס (מצ זן). < פויל, וור.
אויך: אָבריק, אָברעק. טרוקענע שפּײַז,
פֿאַר בהמות (פֿון צעהאַקטע שטרוי, היי,
פּאָלאָווע, מיט אַ געמיש פֿון שאָלעכץ, קלײַען —
דערעיקר פֿאַר קי, אָדער מיט אַ געמיש פֿון
האָבער — דערעיקר פֿאַר פֿערד). „אַ הון וואָ□
כאַפּט דעם אָ„ וואָס פֿאַלט פֿון איבערגעפֿילטן
פֿערדס מויל אַרויס, טראַכט בײַ זיך: וואָס
פֿאַר אַ פֿילאַנטראָפּ ער איז“, פּרץ.
אַ'בראַקאַדאַ'בראַ(□ברע) — די, ־ס. 1.
מאַגיש וואָרט, אָנגעשריבן אין אַ דרײַעקיקער
פֿאָרעם אויף אַן אַמולעט (קמיע), אָנגעהאַנגען
אויפֿן האַלדז; אַ סגולה צו פֿאַרהיטן פֿון
חולאתן [קריסטן אין מיטלעלטער האָבן אין
דעם געזען די פֿאָרמל פֿון ,פֿאָטער, = אָבֿ,
,זון, און ,הייליקן גײַסט□]. כּישוף־מיטל.
2. פּלאַפּלערײַ, קלאַנגען אָן זינען.
אָבראַשטשיק — דער, ־עס. סל. < רוס.
מוסטער, פּראָבקע. „... שיקן זייערע
אויסלענדישע בריוו, אָ'עס אָדער באַנדעראָלנע...

צוצוצאָלן פֿאַר זיי„, קמ, 28 1864, No. אויך:
דוגמא. „נאָך אייניקע אָ'עס מוז איך אײַך צײַגן
פֿונעם תּלמוד“, פּ. קרעטשעווסקי, יודען און
יודענטוס, באַרדיטשעוו 1894.
אַבּרבּנאל — [אַבּאַרבּאַנע'ל] דער. 1. נאָמען
פֿון גרויסן מלוכה־מאַן און ייִדישן פֿירער אין
דער צײַט פֿון גירוש שפּאַניע, דאָן יצחק אַ,
(1437 15) [טעאָרעטיש ריכטיקער
אַרויסרייד: 'אַבּראַוואַנעל']. 2. פּירוש אויף תּנך
פֿון אַ'. דער אַ, שטעלט זיך אָפּ אויף
לעבּנספֿירונגען. „... טוט מען זײַן רצון און מ'שיקט
אים אַרויס דורו פּאָסט דעם כּוזרי מיטן
ערשטן חלק אַ'“, בּערג, נאָך אַלעמען I.
אָבּרוט — דער, ־ן. < פּויל. 1. דזוו
אָבּאָראָט ←. אַ סוחר מיט גרויסע אָ'ן. 2.
אַרומדריי בּײַם טאַנצן. מאַכן עטלעכע אָ'ן.
אָבּרוטש — דער, ־ן, ־עס. רוסיצ. 1. ←
אָבּרענטש. 2. כּאָמעט אויפֿן קאָפּ פֿון פֿערד,
געמאַכט פֿון לעדער אָדער פֿעסטן לײַוונט.
(אין לשון פֿון גאַרבּערס, רימערס,
בּעליעגלות).
אָבּרוטש — גנ. שטעטל אין קאָראָסטענער
קרײַז, אוקראַאינע. אויך: אָוורוטש,
אובּרוטש. [1847 — 1,031 ייִדן; 1897 — 7,393

איינוו,, 3,445 ייִדן].
אַבּרוצן — די. בּמ. גנ. טייל פֿון די
מיטלסטע אַפּענינען־בּערג. בּערג־ג, אין איטאַליע.
אָבּרושעז זיך — אוטוו. ־שע זיך, זיך

אָבּרואַבּרעוויאַציע

שעט. רוסיצ. 1. אַ וואָרף טאָן זיך מיט
גרויסער קראַפֿט. ,,די פֿאַשיסטן האָבּן זיך
אויף אונדז אָבּרושעט, ווען מיר זײַנען ניט
געווען צוגעגרייט“. 2. אײַנפֿאַלן. ,,די אָלטע
וואַנט האָט זיך אָבּרושעט“.
אַבּרזין — [אַבּאַרזין] דער. תּל. בּרעזענס.
,,זיך אײַנגעהילט אין אַבּרזין־לײַלעכער“, אָפּאַ,
בּר־כּוכבֿא. ◻ נבֿ חוץ בּײַ אָפּאַ).
'ד — דער, ־ן. ← אָבּראַ'ד.
— דער, ־ן. רוסיצ. אָפּריס; תּהום.
טרעט ניט צו נאָענט צום אָ,. ,,צווישן דעם
נעכטן און דעם הײַנט איז אַן אָ',,.
אָבּר(י)ע'ז — דער, ־ן. < רוס. 1. פֿון בּיידע
עקן קורץ געשניטענע רוסישע בּיקס. (
בּאַנדיטן האָבּן ט אין דער צײַט פֿון
בּירגערקריג אין אוקראַאינע אָ'ן, זיי געטראָגן אונטעד
דער פּאָלע). ,,דער בּאַנדיט האָט אַרויסגעצויגן

דעם אָ, און מיט איין שאָס אַוועקגעלייגט דעם
ייִדן“. 2. דזוו אָבּרעז.

אָבּריעזקעס — די. מצ. דזוו אָבּרעזקעס.

אָבּריק — דער, ־עס. (מצ זן). דזוו אָבּראָק.
„[בּבֿא:] איך מוז צוריקגיין אין די שטאַלן
און צושיטן אָ, אין די קאָריטעס“, ייִט.

אַבּריקאָס — דזוו אַפּריקאָס.

אָבּרע, אָבּראַ — די, ־ס. שפּאַ. רישטעוואַניע(ס).
בּנין. אַרבּעט, שפּיצל, אויפֿטו. ווערק, חיבּור.
„דער קאָנסטרוקטאָר האָט פֿאַרענדיקט די נײַע
אָ,“. „דעם יאַטלס אָ'“. „אָנגעהויבּן אַ נײַע אָ,“.
אָבּראַס סאַניטאַריאַס = סאַניטאַרע
אונטערנעמונגען, אַרבּעטן. „אָ, ס, איז אַ
רעגירונגסאַנשטאַלט“.

אַבּרעאַקציע ▯ די, ־ס. < דײַטש < ל. (
פּסיכאָאַנאַליז) דאָס בּאַפֿרײַען זיך פֿון אַ קלעמעניש
דורך אַראָפּריידן זיך פֿון האַרצן. [די אַ, איז
אַ פֿולע, ווען דאָס אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן
וועקט די ערשטע אינצידענטן וואָס האָבּן
געפֿירט צו דער קלעמעניש].

אַבּרעוויאַטאָר — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס אַבּרעוויאירט. דער וואָס זײַן
בּאַשעפֿטיקונג איז צו קירצן, קאָנדענסירן אינהאַלט
פֿון בּיכער, אַרטיקלען.

אַבּרעוויאַטו'ר — די, ־ן. 1. פֿאַרקירצונג.
קאָנדענסירונג פֿון אינהאַלט (בּיכ□יִר,
אַרטיקלען, דערציילונגען אאַ). 2. ראשי־תּיבֿות.
אָנגענומענער אופֿן צו פֿאַרקירצן. 3. (מוזיק)
צייכן אַז מע דאַרף איבּערחזרן עטלעכע מאָל
אַ טאָן, אַן אַקאָרד אע.
אַבּרעוויאירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַבּרעוויאירן.
אַבּרעוויאירן — טרוו. ־וויאיר, אַבּרעוויאירט.
1 פֿאַרקירצן, אָפּקירצן. ניצן אַ טייל פֿון אַ
.
וואָרט (טיילן פֿון ווערטער) אַנשטאָט פֿולן
וואָרט (פֿולע ווערטער); ניצן ראשי־תּיבֿות.
2. קאָנדענסירן, צונויפֿציִען אינהאַלט פֿון
אַרטיקל, שטודיע, בּוך אע. 3. פּשוטער, גיכער
דורכפֿירן אַרבּעט־פּראָצעס. 4. פֿאַרקירצן
בּרוכצאָלן.
אַבּרעוואַציע — די, ־ס. < איי < ל.
1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַבּרעוו□ירן.
2. פֿאַרקירצונג פֿון אַ כעמישן פּראָצעס.

אָבּרעז

3. פֿאַרקירצונג פֿון בּרוכצאָלן. 4. יעדער מין

פֿאַרקירצן אַ לענגערן אַרבעט־פּראָצעס. אַ, פֿון דער בוכפֿירונג.

אָבּרע'ז — דער, ־ן. < רוס. (קליין) רעשטל שניט־סחורה. „די פּאָליצעס זײַנען ליידיק געבליבן, נאָר עטלעכע אָ'ן“.

אָבּרעזקעס — די. מצ. (אצ זן: אָבּרעזעק, אָבּרעזקע). < רוס. 1. מאַטעריאַל וואָס מע שנײַדט אָפּ אויסצוגלײַכן ברעגן אָדער בײַם צושנײַדן לויט אַ מאָס. אָ, פֿון פּאַפּיר, פּאַרמעט, שטאָף, לעדער, פּעלץ אאַ. „אַזוי האָט אָנגעהויבן אַ קריליוועקער ייִד אַ סוחר וואָס האַנדלט מיט אָ'“, שע, ,איבער אַ היטל'. 2. שטיקלעך וואָס בלײַבן איבער בײַם פֿאַרקויפֿן אויפֿן וואָג, טיילן פֿון אַ גרויס שטיק. אָ, פֿון אַ לעקעך, אַ קעז, אַ שטאַנג וואורשט. „נאָך אַ גרעסערער יום־טובֿ האָט געקענט זײַן, ווען מע האָט געהאַט צו קויפֿן פֿאַר דרײַ קאָפּיקעס די אָ', די שטיקלעך וואָס בלײַבן בײַם שנײַדן אין אַ וואורשט־קראָם“, א. גאָלאָמבּ, אָ האָלבּעך יאָרהונדערט ייִדישע דערציִונג.

אַבּרע'ם — דער, ־עס. וואָלין. ← אָבּערעמע.

אָבּרענטש די, ־עס. < פּויל. רייף פֿון האָלץ אָדער מעטאַל צונויפֿצוהאַלטן די קלעפּקעס פֿון אַ הילצערנער באַליע, פֿעסל, עמער.

„דער בעדנער קלאַפּט אַרויף די אָ, אויפֿן
פֿעסל“.

אַבּרע'ק — דער, ־ן. < רוס < אַ קאַווקאַזער
לשון. אַנטלאָפֿענער אָדער פֿאַרטריבּענער פֿון
דער משפּחה בײַ די בּערגלײַט פֿון קאַווקאַז.
הלל צייטלין, סטופּניצקי, ערשט ייִדיש
ענציקלאָפּעדיש ווערטערבּוך, ערשטעס העפֿט,
וואַרשע, 1917.

אָבּרעק — דער, ־עס. (מצ זן). אויך: אָ'
בּערעק. דזוו אָבּראָק, אָבּריק. *עס שטעכט אים
דער אָ, (מג) = ער האַלט זיך גרויס; לאָזט
זיך וואוילגיין. אויך: ער בּאַקלאָגט זיך, הגם
עס גייט אים צו גוט.

אָ'בּשטשינע — די, ־ס. < רוס. אויך:
אָפּשטשינע. 1. אָרגאַניזאַציע פֿון אַליין־
פֿאַרוואַלטונג אין אַ שטאָט, שטעטל, דאָרף אין
צאַרישן רוסלאַנד. 2. קהל, קהילה אין
צאַרישן רוסלאַנד; גערופֿן: יעווריעסקאַיאַ אָ',
אָבּער אויך אָן דעם אַדי. גיין אין דער אָ';
זיך ווענדן צו דער אָ'; אַ טענה צו דער אָ'.
3. קאָאָפּעראַטיווע, פּרימיטיוו־קאָמוניסטישע
אָרגאַניזאַציע פֿון פּויערים מיט צום טייל
שותּפֿישער בּעלי־בּתּישקייט אויף שותּפֿישער
ערד אין צאַרישן רוסלאַנו. „איינער איז...אַ

נאַראָדניק אַ צעהיצטער...איז (בײַ אים) די
אָ, גאָר דאָס אײבערשטע פֿון שטײסל", אַל,
,דער דועל'.
אָבשטשע — אַדי. אינוואַריאַנט. רוסיצ.
אַלגעמײן; וואָס איז פֿאַר אַלעמען. ,,עס וואָלט
זײער רעכט געווען מע זאָל הי מאַכן אַן אָ,
רוסישע שולע פֿאַר ייִדן און קריסטן“, העני
העלפֿמאַן, קמ, 35 1864, No. ,,אין דער אָ,
זאַל האָט ער זיך געזעצט בײַ אַ טישל,,, ספּ,
גליקלעכע און אומגליקלעכע.
אָ'בשטשעסטווע — די, ־ס. סל. > רוס.
1. געזעלשאַפֿט. די גאַנצע אָ,. מע רעדט ניט

אַזוי אין אַן אָ'. ,,בײַ אונדז זײַנען דאָ
בעליטובֿות, וואָס קײנער פֿון דער אָ, האָט ניט
קײן דעה [איבער זײ]“, ממוס, טאַקסע.
2. פֿאַראײן, חבֿרה. ,,און מען ערלויבט סײַ אָ,
ס□. פּריוואַט־מענטשן צו מאַכן דעם חילוף“,
קמ, 2 1862, No. אַדי: ־נע. אָ'נער ענין.
,,וואו די געמײנדע האָט גענוג אָ, געלט, איז
געוויס לײַכטער פֿון דער חבֿרותא־קאַסע צו
געבן“, קמ, 43 l866, No. אָ, סבאָר (ז□אָר) =

שטײַער פֿון דער אָרטיקער אופּראַווע (←) אויף דער באַפֿעלקערונג. אָ, (אויך ־וועגאָיע) (או)פּראַוולעניע = שטאָטפֿאַרוואַלטונג, מוניציפּאַליטעט. „עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו זען ווי די נײַע אָ, אופּר, זאָרגט פֿאַר דער שטאָט“, קמ, 30 1864' No. אָ, מרחץ = די קהלשע באָד. „געקומען די צײַט, אין אַדעס זאָל אויך זײַן אַן אָ, מרחץ מיט אַ מקווה“, קמ, 4 1869, No.

אָבשיוקע — די, ־ס. < רוס. 1. אַרומניי, געניי. 2. אויפֿלאָג, צולאָג, צוגאָב. ל2.

אַבשײַלעך — אַדי. דײַטש. זייער מיאוס, פּאַסקודנע; שרעקלעך. „אַז 'די רויז, שרײַבט וועגן נעכטיקן טאָג אַז עס איז געווען שיין און וואַרעם...שרײַבט 'דער דאָרן, פּונקט דעם היפּוך: עס איז נעכטן געווען דער אַ'סטער טאָג זינט די וועלט שטייט“, שע, ,די רויטע יִידעלעך'.

▯

אָב 1 — [אָוו, אויך: אַוו] דער, אָבֿות [אָוועס]. < תּהלים, קג, 13: „כּרחם אָבֿ על בּנים“ אאַ. 1. פֿאָטער. „אָבֿ איז אַ פֿאָטער, קדר איז אַ טאָטער“, אָנהייב פֿון אַ קל. 2. גרויסער אויטאָריטעט פֿירנדיקע פּערזענלעכקייט. „יוסף

,

... איז דאָך געוועזן אַן אָבֿ צו פּרעה“, נוצ.

אָבֿ 11 — [אָוו] דער. מצ נבֿ. עלפֿטער חודש פֿון יידישן יאָר (גערעכנט פֿון תּשרי) אָדער פֿינפֿטער (גערעכנט פֿון ניסן). איז אַ חודש מלא, האָט דרײַסיק טעג. [זײַן ראָש־חודש איז איין טאָג און פֿאַלט אויס בלויז אין בדו„ז (מאָנטיק, מיטוואָך פֿרײַטיק, שבת). זײַן מזל

,

איז אַריה, אַ לייב]. פֿאַלט אויס אין

יוליאויגוסט. ווערט אויך גערופֿן מנהם־אָב [מנחם: טרייסטער — אָנדײַט אויף משיחן וואָס איז געבוירן געוואָרן תּשעה־באָבֿ, אין טאָג פֿון חורבן בית־המקדש]. „משנכנס אָבֿ ממעטין בשׂמחה“ (תּענית, כו/ב) = הייבט זיך אָן דער חודש אָבֿ, מאַכט מען ווייניקער שׂמחות.
„שפּעטער אין אָבֿ־צײַט, זײַנען שוין געשטאַנען...פּויערטעס...געשניטן און געבונדן די זאַנגען„, אַר, 'מענדלס פֿעלדער„.
אָבֿ בהכמה — [אָוו בעכאָ'כמע] דער; מצ: אָבֿות... [אָ'וועס...]. ← אבֿרך. עלטסטער, ערשטער אין קלוגשאַפֿט; הויכגעלערנטער. אויך: אָבֿ ההכמה. „ער איז פֿון די אָבֿות

החכמה אין פּאָליטיקע“.
אַבֿ־בּית־דין — [אַוו־בע'זדן] דער, ־ס. ר“ת:
אב“ד. 1. עלטסטער, העכסטער פֿונעם בּיתדין; טיטל פֿון אַ יושבֿ־ראָש אין אַ רבנישער אַסיפֿה וועגן אַ קהלשן ענין; פֿאָרזיצער פֿון געריכט. „וואָס דויערט אַזוי לאַנג? פֿרעגט דער אָ,־בּ'־ד'“, פּרץ, ,דריַ מתּנות,. „,זיכער, ענטפֿערט פֿעסט דער אַ,־בּ'־ד', זיכער זאָג איך דיר“, פּרץ, 'באָנטשע שוויַג,. 2. טיטל פֿאַר

אָבֿ־(ה)משפּהה

גאָר גרויסע אויטאָריטעטן אין רבנות (לויטן תּלמוד — דער טיטל פֿון צווייטן פֿאָרזיצער פֿון סנהדרין נאָכן נשׂיא וואָס איז געווען דער ערשטער אין ראַנג).
אַבֿ בּית־דין דקה(י)לה — [אַוו־בּע'זדן דעקעהי'לע] דער. יושבֿ־ראָש פֿון אַ קהלשן בּיתדין.
אַב בּית־דין דקה(י)לה־קדושה — [אַווּבע'זדן דעקעהילע קדוישע] דער. יושבֿ־ראָש פֿון בּית־דין פֿון דער הייליקער קהילה.
-
אַב בּית־דין צדק — [אַוו־בּעזדן צע'דעק]

דער. עלטסטער פֿון בית־דין (וואָס טיילט אויס גערעכטיקייט). יושבֿ־ראָש פֿון בית־דין; טיטל

אַר אַ גרויסן רבֿ; רבנישער אויטאָריטעט.

אָבֿ בתורה — [אָוו בע'טוירע] דער, מצ:

אָבֿות... [אָ'ווּעס...]. > (מגילה, יג/א). עלטסטער

ין לערנען; אַ קדמון, אַ גדול בתורה.

אַ. ,ץ

— [אַוודומאַ'ץ] ר"ת פֿון: אַבֿ

ביתבדה — ← אַבֿידה.

א דןמ,

..ין ומורה צדק.

אַבדון — [אַוואַדן] דער. מצ נבֿ. 1. איינער פֿון די זיבן נעמען פֿון גיהנ(ו)ם, לויט ר, יהושע בן לוי, עירובֿין, יט/א. 2. נאַמען פֿאַר איינעם פֿון די זיבן אָפּטיילן, די שבֿעה מדורי גיהנ(ו)ם. „ווער עס קומט אין דעם גיהנם שאול [שעאָ'ל], קומט ער דאָרטן אָפּ זײַן עונש, ביז ער קומט צו אַ העכערן גיהנם... אָבער אַז ער קומט צו דעם גיהנם וואָס ער הייסט אַ', קומט ער שוין קיינמאָל ניט אַרויס פֿון דאָרטן, דרום הייסט ער אַ, — איז טײַטש: פֿאַרפֿאַלן", נוצ. אויך אַבֿדון תהתית [... טאַכטיס], אונטערשטער אַ,. „דער וואָס

ענטפֿערט ניט אָמן ווי עס דאַרף צו זײַן...
זײַן נשמה בלײַבט אויף אייביק אין דעם
אָרט וואָס ווערט אָנגערופֿן אַ, ת"", נוצ II.
אַבֿדלה — [אַוודאָ'לע] די, ־לות. תּל. דזוו
הבֿדלה. מאַכן (אַן) אַ'.
אבֿד"ץ — [אַוודאַ'ץ] ר"ת פֿון. אַבֿ בית־דין
.

צדק.
אבֿד"ק — [אַוודאַ'ק] ר,,ת פֿון: אַבֿ בית־דין
דקהילה.
אבֿדק"ק — [אַוודעקאַ'ק] ר,,ת פֿון: אַבֿ
ביתדין דקהילה קדושה.

▯

אָבֿדתי — [אָוואָ'דטי] טייל פֿון אַ ווערטל.
< אסתּר, ד, 16. איך בין פֿאַרלוירן;
כ'וועל זיך ניט אַרויסדרייען. ניטאָ שוין וואָס
אָנצוּווערן. פֿאַרפֿאַלן, אַזוי מוז עס שוין זײַן.

▯

כּאשר אָבֿדתּי אָבֿדתּי ←.
אַבֿ הטומאה — [אַוו האַטו'מע] דער, מצ:
אָבֿות... [אָ'וועס...]. אויך: אָבֿות הטומאות
[אָ'וועס האַטו'מעס]. < כּלים א, א. ← אבֿי

אָבֿות הטומאה. 1. הויפּט־טומאה; אַן אומריינקייט וואָס איז מטמא, מאַכט אומריין, אַ מענטשן אָדער כּלים בלויז דורך אָנרירן (טהרות א, ה; כּלים א, א). אַ מענטש וואָס האָט אָנגערירט אַ מת. אַ קרעציקער, אַ שרץ זײַנען אָבֿות הטומאה. 2. מקור פֿון רשעות. גרויסער רשע.

אָבֿ־(ה)משפּחה — [אָוו־(אַוו)־האַמישפּאָ'כע] דער, אָבֿות־... ,פֿאָטער פֿון דער משפּחה,, עלטסטער אין פֿאַמיליע; דער וואָס פֿון אים קומט

אַבֿ הרחמים

אָרויס די גאַנצע משפּחה (און וואָס מע גרייסט זיך מיט אים). ,,אויך די ווײַטסטע קרובֿים, וועלכע האָבן אָלע געהאַלטן דעם ובֿ פֿאַר דעם א'־ה, פֿלעגן זײַן אין זײַן הויז שחרית וערבֿיר[", ייִפֿאָל, 1888 10 ,No, בײַלאַגע. ,,שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אָבֿ־משפּחה פֿון איינער פֿון די וָענסטע משפּחות אין באַרדיטשעוו", לדבֿ.

אַבֿ הרחמים — [אַוו (אויך: אָוו) האָראַ'כ(אַ)־מים] דער. 1. באַרעמהאַרציקער פֿאָטער (אַן אַטריבוט פֿון גאָט וואָס איז אַן אַל רחום וחנון).

,,ערשטן, מינוט, ווען איך האָב אין דער שול
צום ערשטן מאָל דערפֿילט דעם א, ה,“, דאָ,
,צו אַ יידישער טאָכטער,. 2. דער אָנהייב
און אויך דער נאָמען פֿון אַ תּפֿילה צום
אָנדענק פֿון אומגעקומענע אויף קידוש־השם,
פֿון די צײַטן פֿון די קרייצצוגן. ווערט געזאָגט
איטלעכן שבת (אין נוסח אַשכּנז) נאָך
קריאתהתּורה און יום־טובֿ נאָך הזכּרת־נשמות. ,,
בײַנאַכט זיצן בײַ דעם חזן, דאָרטן זיך
אויסלערנען אַ נײַעם א, ה'“, פּ־ ל., אַ מעtה פֿון
צוויי חזנים, פּיעטריקאָוו 1904. 3. (קבּלה)
מקור פֿון געטלעכער רחמנות. ,,
אַרויפֿצו, צו דעם מקור פֿון די ר מים עליונים, וואָס
ווערט אָנגערופֿן א, ה, און זייער מקור“,
תניא, 25
אָבֿ הרהמן — [אָוו האָראַ'כ(אַ)מאָן] דער.
דזוו אַבֿ הרחמים, בּ1. ,,ער איז, זאָג איו, אַן
א, ה,, האָט רחמנות אויף מיר“, שע,
'הײַנטיקע קינדער,. ,,פֿון אַ קופּה של בּשׂר
ווערט מען ווילד און משוגע...מע הייבּט אָן
צו בּועט זײַן אין א, ה'“, לדבּ.
-
אָבֿ ואם — [אָ'וו וואָיי'ם] צבֿ. פֿאָטער און

מוטער (אויף אַ געהויבּענעם לשון, אין בּריוו, ווי אַן אויסדרוק פֿון דרך־ארץ). „ס'איז ניט גלײַך די אַהבֿה פֿון א, ו, צו בּנים און בּנות צו דער אַהבֿה פֿון אחים ואחיות“, לדבּ.
-

אָבֿוד — [אָ'ווּעד] אַדי פֿאַרלאָרן (געגאַנגען).

·

תּח. אָ, פֿאַר דער־וועלט און פֿאַר יענער־וועלט. אָבֿוד לעולם הבּא. דבֿר האָבֿוד = אַ זאַך (וואָס איז שייך צו אַ הייליקייט) וואָס גייט פֿאַרלאָרן.
-

אָבֿות — [אָ'ווּעס] די. מצ פֿון אָבֿ ←. 1. די דרײַ שטאַמפֿאָטערס פֿון ייִדישן פֿאָלק: אַבֿרהם אָבֿינו, יצחק אָבֿינו און יעקבֿ אָבֿינו. „אונ אום ווילין דיא לויטרי מעשׂים פֿון די אָבֿות וועט ער לייטירין דיא יודין וואָש זייא לייטירן זיך דורך תּשובֿה„, מלרה. „רבּש“ע, אין דעם זכות פֿון די דרײַ אָ, קום איך אין דײַן הייליקע שול אַרײַן תּפֿילה טאָן“, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטרקובֿ, 1881. נאָר אָט די דרײַ הייסן אָ בֿ ו ת: „אין קורין אָבֿות אלא לשלשה — אַבֿרהם יצחק ויעקבֿ“, בּרכות טז/בּ; אין דער פֿאָלקס־טראַדיציע הייסן אָ, אויך אַנדערע תּנכישע

פֿיגורן. „אַבֿרהם יצחק יעקבֿ יוסף משה. נעמען
וואָס מײַנע רעבּייאים האָבּן זייא אײַנגעדריקט
אין מײַנעם צאַרטען הערצען אונטער דעם
נאָמען הייליקע אָ'“, אמד, דער סאָלדאַצקע
סין, 1876, 54 [51]. „־...— ווי הייסט? די
מגילה...דאָס האָט דאָך פּאַסירט מיט ייִדן,
מיט אוגדזערע אָ',,, פֿרוג I □ , ,דאָס קנעפּל'.
„אוי, איר, אָ', אמהות, העלפֿט אַרויס!,,, אַל
□ □ I, 'לוי יצחק פֿון בּאַרדיטשעוו'. 2.

עלטער18

עלטערן וואָס מע גרייסט זיך מיט זיי. „נישט
אין זכות פֿון מײַנע אָ'“, פּרץ, 'ס'אי גוט,.
„פֿאַרלאָרן האָבּ איך דעם [יחוס־]בּריוו...
ווער ווייס, צי ס'ליגט נישט ערגעץ דאָרט
מיט זאַמד און שטויבּ בּאַדעקט, צי זענען מײַנע
אָ, נישט געוואָרן אויסגעמעקט“, אול. „איז
געוועןפֿון אָ אַ שטאָטישער אַרבּעטער“, א.
,
קאָטיק. *„מעשׂה אָבֿות סימן לבּנים (יעשׂו
בּנים)“ = ווי די עלטערן, אַזוי די קינדער,
אַ פּאַראַפֿראַזירטער אויסדרוק אויפֿן סמך פֿון

דער גמרא (סוטה, לד/▯), מדרש (בּראשית
רבה, מח, ו) און דעם לק פֿאָלקס־ספֿר משלי
שועלים. 3. די ערשטע בּרכה פֿון
שמונהעשׂרה (ווײַל דאָרטן ווערן דערמאָנט די דרײַ
אָבֿות: „אלהי אַבֿרהם, אלהי יצחק ואלהי
יעקבֿ“). “ר, יודאָ אַליין, וואָס ער איז דער
בּעל־שחרית, קומט שוין צו די 'אָבֿות, מיט
אַ פֿאַרחתמעטן מויל“, ליפּמאַן־לעווין, שריפֿטן
(ווילנע, תּר“ע), 38. 4. נאָמען פֿון דער
נײַנטער מסכתּא אין סדר נזיקין פֿון דער
משנה. אַ זאַמלונג, אין פֿינף פּרקים (דער
זעקסטער פּרק — בּרייתא), פֿון מאָראַלישע און
רעליגיעז־עטישע מאמרים וועגן ייִדישקייט,
מוסר, גוטע מידות. ווערט אויך אָנגערופֿן
מסכתּא אָבֿות און פּרקי אָבֿות, פּאָפּולער
מיטן פֿאַרקירצטן נאָמען פּרק [מע זאָגט
עס אַ גאַנצן זומער, איטלעכן שבּת אַן
אַנדער פּרק פֿון ערשטן שבּת נאָך פּסח בּיז
-
דעם לעצטן שבּת פֿאַר ראָש־השנה]. „דער
רמבּם שרײַבּט: וואָרעם הייסט די מסכתּא אָ'?
ווײַל די חכמים, וואָס מיר לערנען פֿון זיי
גוטע מידות, מוסר און דרך־ארץ, הייסן...
אָבֿות,...אונדזערע פֿאָטערס, און מיר הייסן

זייערע קינדער“, הקדמה 'אמרי נועם, צו צור, תּרע״ג. 5. (דקדוק) די תּנועות גדולות, לאַנגע וואָקאַלן, אַקעגן תּנועות קטנות, די קורצע וואָקאַלן, וואָס הייסן תּולדות.

אָבֿות אבֿותיו — [אָ□וועס אַוואוי'ס□] די. בּמ. (געוויינטלעך בּלויז מיט מ ײַ נ ע). מײַנע עלטערנס עלטערן; מײַנע עלטער־זיידעס. „מײַנע אָ, א, זײַנען קיין שנײַדער ניט געוועו„, פּרץ, 'נישט גוט,. „קומט פֿון מיר אַזאַ שטראָף וואָס מײַנע אָ, א, האָבּן ניט פֿאַרמאָגט“, ייִפֿאָל, 9 1888, No, בּײַלאַגע.

אָבֿות אבֿותיו — [אָ'וועס אַוואוי'סאָוו] די. בּמ. זײַנע עלטערנס עלטערן; זײַנע עלטער־זיידעס. *פֿון אָבֿות אבֿותיו = פֿון דורות פֿריִער. „פֿון אָ, א, אַ פֿישער...פֿאַרבּרענגט ער אויפֿן ים„, פּרץ, '□סים אויפֿן ים'.

- -

אָבֿות־אבֿותים — [אָ'וועס אַוואויסים] די.

-

בּמ. עלטערנס עלטערן. *פֿון אָבֿות־אבֿותים — פֿון דורות פֿריִער. „זיי האָבּן דערצויגן די

--

קינדער...נאָך דער אַלטער שיטה, נאָך דעם אויסגעריבּענעם דרך וואָס זיי האָבּן פֿון אָ־א'„,

ייִל, פּוילישע ייִנגל, 1895.

-     -

אָבֿות אבֿותינו — [אָ'ווּעס אַוואוי'סיינו] די. בֿמ. אונדזערע עלטערנס עלטערן. *פֿון אָבֿות אַבֿותינו = פֿון (אור)אַלטע צײַטן, פֿון אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס. „פֿאַרוואָס זאָל דאָס מײַן הויז וואָס איז פֿון אייבּיק אָן, פֿון אָ, א, געווען פֿרום און גוט, דורך אַזוי אַן אויסוווערפֿלינג קומען אין לײַטישע מײַלער אַרײַן?“,

▯

אָבֿות־נזיקין

עט, סערקעלע. „אין מצרים וואָלטן אייבּיק געבּליבּן אונזערע אָ, א„ ווען מיט גוואַלד וואָלט זיי ניט אַרויסגעשלעפּט משה רבּינו“, אגפֿ, בּר־כּוכבא, פּראָלאָג, לעמבּערג, 1909, 11. „וואָס טויג מיר, זאָגט זי, אַדעס? מײַנע אָ, א, זײַנען דאָרט ניט געווען„, שע, דאָס גרויסע געווינס. „...נישט ווײַטער גייט, נאָר צוריק! — חומש מיט רשי! אָבֿות אַבֿותינו“, פּרץ, 'חומש מיט רשי',.

אָבות אָכלו בוסר — [אָ'וואויס אָ'כלו בוי,־
סער] ווערטל. < ירמיה, לא, 28. די פּאָטערס
האָבן געגעסן זויערע ווײַנטרויבן (און די ציין
פֿון די זין זײַנען הײַליק) = קינדער קומען
אָפּ פֿאַר די זינד פֿון זייערע עלטערן.

אָבותדיק — [אָ'וועסדיק] אַדי. 1. וואָס איז
פֿון (געהערט צו) די אָבֿות. „...כּדי אויפֿצולעבן
דאָס אָ'ע לאַנד“, שטאָרקמאַן, פֿאַש, 10 1952 X.
2. וואָס איז ווי בײַ די אָבֿות. אָ'ע פֿירונגען;
אָ'ע בערד.

-

אָבות דרבי נתן — [אָ'וועס דעראַ'בי נאָסן].
נאָמען פֿון אַ מסכתּא (פֿון די מסכתּות קטנות
אין תּלמוד בבֿלי), וואָס באַשטייט פֿון עטישע
און מאָראַלישע מאמרים ווי אין פּרקי־אָבֿות
(← אָבֿות, ב4) [אַ מיינונג אַז דער
צונויפֿשטעלער איז געווען דער תּנא רבי נתן הבבֿלי איז
אָפּגעפֿרעגט געוואָרן].

אבות החשבון — [אָ'וועס (אַוואָ'ס) האַכע'־
זשבן] די. במ. די פֿיר גרונטאַקטן פֿון רעכענען;
חיבור, חיסור, כּפֿל און חילוק.

-

אבות הטומאה — [אָ'ווּעס, אַ'וואָס אָדער אַוואוי'ס האַטו'מע] אויך: אָבֿות הטומאות [אָ'ווּעס האַטו'מעס]. 1. מצ פֿון: אָבֿ־הטומאה ←. 2. באַצייכענונג פֿאַר די ל"ט (39) טומאות.

אָבֿות העולם — [אָווּעס האָאוי'לאָם] די. במ. תּח. 1. ערן־טיטל, אויסדרוק פֿון גרויס דרדארץ, פֿאַר פֿירנדיקע געלערנטע פֿון דור [ערנטיטל פֿאַר הלל און שמאי. „די א, ה', די גרעסטע מענטשן, די גרעסטע וועלט־רבּיים, שמאי און הלל האָבן זיך ניט אײַנגעשפּאַרט אַז מע זאָל דווקא פּסקענען ווי זיי ◌רע ווערטער„, פּיעט, עדיות, א, ד'. (נזיקין, 351). אויו ר, ישמעאל און ר, עקיבֿא ווערן אָנגערופֿן א, ה'; אויך ר, חייא און זײַנע זין, בבֿא מ◌ יעא, פּה/ב]. „דאָס אַלץ איז בײַ געוויינלעכע מענטשן... אָבער בײַ צדיקים גמורים, א, ה„, זײַנען אַלע זאַכן פֿאַרשידענע דרכים אין עבֿודה", לדבּ. 2. געציילטע פֿירנדיקע גײַסטער פֿון דער וועלט. "אויף די רערן איז באַשריבּן געוועזן די זיבּן (אָבֿות העולם) און אַזוי האָבן זיי געהייסן (אדם הראשון, נח, שם, אַבֿרהם, יצחק ויעקבֿ, און איובֿ)", ר, אַהרן מטריבֿש,

מַצח אחרן על מגילת אסתּר, וואַרשע תר,,ג.
-

אָבּות הקרמונים — [אָ'ווּעס האַקאַדמוי'נים] די. מצ [פֿון אָבֿ קדמון]. די פֿאַרצײַטיקע עלטערן, אורעלטערן. ,,...זייערע אָ, ה, האָבּן פֿאַרשוואָרן זיי עד דור האחרון דאָס זיי זאָלן זיך ניט מתחתּן זײַן איינע מיט די אַנדערע", אמד, ספּורי מוסר (1875), 38.

אָבֿות־נזיקין — [אָ'ווּעס־נעזי'קין] די. מצ. פֿאָטערס פֿון שאָדנס, הויפּטשאָדנס. אין דער משנה די פֿיר עיקרדיקע גרונטשאָדנס: ,,אַרבּעה

אָבֿות עליונים

אָבֿות נזיקין: השור, הבּור, המבֿעה וההבֿער" (בּבא קמא א, א) — פֿיר פֿאָטערס פֿון שאָדנס

▯

— ,,

זענען פֿאַראַן: אַן אָקס, אַ גרובּ, אַ צאָן פֿון אַ בּהמה און אַ פֿײַער....די דאָזיקע פֿיר שאָדנס [הייסן אָבֿות], ווײַל עס זענען פֿאַראַן אַנדערע

שאָדנס וואָס זענען ענלעך צו [זיי] און זענען
ווי קינדער, תּולדות״, פּיעט.
אָבֿות עליונים — [אָ'ווּעס עליוי'נים] במ.
קבלה־באַגריף. די נשמות פֿון די דרײַ אָבֿות
וואָס האָבן זייער מקור אין די ספֿירות [אַבֿרהם
האָט זײַן מקור אין דער בחינה חסד פֿון
פּרצוף אימא, יצחק — אין גבֿורה פֿון אימא
און יעקבֿ אין חסד און גבֿורה פֿון אַבּא].
״שבּתות און ימים טובֿים האבּן אַן אחיזה
אין די אָ, ע״״, נוצ1.
אָבֿות־קולט — דער, ־ן. רעליגיעזע,
צערעמאָנ אַלע, סיסטעמאַטישע אַכפּערונג פֿון די
י

גײַסטער פֿון די אָבֿות [מיט ברענגען זיי מתּנות
אָדער טאָן וואָס געפֿינט חן אין זייערע אויגן,
כּדי זיי זאָלן העלפֿן די וואָס שטאַמען אָפּ פֿון
זיי פֿאַרשפּרייט אין פּרימיטיווע רעליגיעס].
. —

.

אָבות־קניפּ — דער, ־קניפּ. בלויער פֿלעק
אויפֿן לײַב וואָס קומט אָן אַ פֿאַרשטענדלעכער

סיבּה און מע באַמערקט אומגעריכטערהייט (אַזוי ווי עמעצער וואָלט געגעבּן אַ קניפּ). [גלייבּעניש: דאָס האָט אַ מת בּײַנאַכט געקניפּן כּדי זיך אָפּצורעכענען אָדער כּדי עפּעס צו דערמאָנען, כּדי מע זאָל געדענקען וואָס עס האָט זיך געחלומט. אויפֿן סמך פֿון ספֿר חסידים, סימן תּש״ח. יע, רשומות, תּרע,,ח, 372].

▯

אָבטהה — [אַפּטאָכע] די, ־חות. דזוו הבטחה.
אבטיה — [אַוואַט אַך] דער, ־ים. אויך. ־עס

,׳
.

[אַוואַטי׳כעס]. אין א״ידיקן ייִדיש: קאַוועגע, אַרבּוז, [אין ייִדיש פֿון אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ אַרויסגערעדט, אויפֿן אַראַבּישן שטייגער: בּאַטיִ־אַך; מצ: בּאַטי׳כעס]. ,,דער א, איז זיס ווי צוקער״. ,,ס׳וועט הײַנטיקס יאָר זײַן אַ גערעטעניש אויף א׳ים״. ,,אַ קאָפּ האָסטו? — אַן א, האָסטו!,,, זן אין חוץ־לארץ. ,,קשאים און אבטיחים קאָן מען גאָר...דורך א,,ת ב״ש אויך אַרויסבּאַקומען פֿון דעם וואָרט מן,,, יודישער פּאַר־פּסח.

אַבֿטלה — [אַפּטאָ'לע] די. מצ נבֿ. תּל. תּח.
1. אָפּרו־צײַט אין מיטן פֿון אַן אַרבעט אָדער בײַם לערנען. „סײַווי אַן א', טאָ לאָמיר זיך דורכשמועסן וועגן אייגענע ענינים“. 2. אָ[illegible]־רו־צײַט וואָס איז אויסגערעדט מיטן בעל־הבית ווי א תּנאַי פֿון אַרבעט פֿון פֿיר ביז האַלבֿ־ . „ פֿינף איז אַן א, צו דאַוונען מנחה און צו טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס“.
אָבֿי — [אָ'ווי]. 1. מײַן פֿאָטער, מײַן טאַטע. *לאהובֿי אָבֿי מורי = צו מײַן ליבן פֿאָטער (אַ ווענדונג אין בריוו). *אַדוני אָבֿי = מײַן געערטער פֿאָטער (אין בריוו, ווי אויך רבנים אין שו“ת און אין חידושי הלכה, ווען זיי פֿאַררופֿן זיך אויף זייערע פֿאָטערס, רבנים, בײַם לעבן). 2. אָפּרוף מיט ביטול וועגן אַ שלעכטן טאַטן. „דער אָבֿי מײַנער ליגט אָבער אין שענק. — און ווער איז שולדיק...ווען ניט ער אַליין, דער אָבֿי דײַנער?“, שכ, טבֿיה.

אבֿי־אבֿות — [אַווי, אַוואוי'ס, אַוואָס] דער. מצ נבֿ. ,פֿאָטער פֿון פֿאָטערס'; סאַמע ערשטער פֿון בּאַדועגונג, שיטה; גאָר ערשטער וואָס האָט עפּעס אויסגעטראַכט, גורם געווען (עפּעס גוטס אָדער שלעכטס). ,,דער דעסער פֿילאָזאָף איז כּידוע דער א'־א, פֿון השׂכּלה“. א'־א, הצרות, הפּל אָטקעס.

י

-

אבֿי־אבֿות הטומאה — [אַווי'־אַוואוי'ס (אַוואָ'ס) האַטו'מע] דער. < רשי, בּבֿא קמא, בּ/בּ. 1. פֿאָטער פֿון די פֿאָטערס פֿון אומריינקייט (← אַבֿ הטומאה). אַ מת וואָס דורך אים ווערט מען טמא; טומאה וואָס קומט פֿון אַ מת. ,,אַ טויטער מענטש הייסט ניט אַבֿ הטומאה, נאָר א'־א, ה'...און אַ מענטש וואָס רירט אָן,

אָדער טראָגט, אָדער איז אין איין אוהל מי
דעם טמא־מת הייסט אַן אַבֿ הטומאה“, פּיעט,
טהרות, ז, 3. „טייל מפֿרשים זאָגן דאָ, אַז
אויב אַ כּלי רירט אָן אַ מת, הייסט זי ניט אַן
אַב הטומאה. נאָר אַן א־א, ה'...און זי איז
מטמא אַ מענטש ניט נאָר דורך אָנרירן, נאָר
אויך...דורך טראָגן„, דאָרטן, ז, 5. 2. זייער
גרויסער רשע, שטאַרק פֿאַרדאָרבענער וואָס
פֿירט אַנדערע צו פֿאַרדאָרבנקייט; אָנפֿירער פֿון
אַ באַנדע פֿאַרברעכערס; שרעקלעכער
אויסוואָרף. „די קינדער האָט מען שוין געהאָפֿט
די שטותים אַרויסצושלאָגן פֿון קאָפּ, אַבי דער
א־א, ה, וועט ניט זײַן„, קמ, 49 1866, No.
„א־א, הטומאה פֿירט אין דומע פֿירט אין

,

דומע דעם א־א, ה'...דעם בית־עלמין־
דעפּוטאַט מיטן גניבֿהשן מאַנדאַט“, פֿרוג, '
ברודהבאָ און זײַ־געזונט'. 3. (אייפֿעמיסטיש) דאָס
העכסטע פֿון געצנדינערישע און בכלל ניט־
ייִדישע הייליקטימער.
אבֿי־אָבֿות־הטומאהניק — [אַווי, אַוואוי'ס
האַטומע'ניק] דער, ־עס. דזוו אבֿי־אָבֿות
הטומאה, ב2. „די א־א־ה'עס זײַנען די
עטלעכע בעלי־בתּישע קינדער“, ממוס, 'די אַלטע

מעשׂה'.

אָבֿ אַק — [עוו אַ'ק] דער, ־עס. קאָנטאַמינאַצי צי פֿון אבֿיון + אַק. אָרעמאַן, אבֿיון (בײַטעם פֿון ביטול און אויך רחמנות). „מאַכט ניט קיין שותּפֿות מיט אַזאַ א'". „און האָט זיך פֿאַרקליידט פֿאַר אַן א'", אמד, דער קליינער בעל־תּשו ה.

- --

אָבֿיבֿ — [אָ'וויוו] דער. מצ נבֿ. (חודש) ניסן. „הײַנט גייט איר אַרויס [פֿון מצרים] אין חודש אָ'" תּי, שמות, יג, 4. „היט אָפּ דעם חודש אָ'" תּי, דבֿרים, טז, ו. „ניסן רופֿט זיך אָ', ווײַל ער איז דער אָבֿ [ערשטער] פֿון י"ב [חדשים]", קאָזשעניצעך מגיד.

אבֿיבֿה — [אַווי'וואָ] < אָבֿיבֿ. פֿרילינג פֿרוי. . עך־נאָמען, איבֿערהויפּט אין מדינת ישׂראל. „מײַן טאָכטער א, איז אַוועק אין קיבוץ". פֿקפֿ.

אביבֿהלע [אווי'וועלע]. „א'לע איז אַ טײַער מיידעלע".

-

אַביגדור — [אַווי'גדער] ייִדישער מענערנאָמען. תּנ. [,,פֿאָטער פֿון גדור,, דבֿרי־הימים א, ד, 4]. געוויינטלעך אַרויסגערעדט: וויגדער. פֿקפֿ. וויגדערל.

אַבֿיגיל — [אַוויגאַ'ייִל] פֿרויען־נאָמען. תּנ. 'פֿאָטער (קוואַל) פֿון פֿרייד'. ,,און דער נאָמען פֿון מאַן איז נעווען נבֿל, און דער נאָמען פֿון

אכיון

זײַן ווײַבֿ אַ,. און די פֿרוי איז געווען וואוילפֿאַרשטאַנדיק און שיין אין געשטאַלט“, תּ שמואל א, כה, 3. [דוד המלכס ווײַבֿ אַ, ווערט אין תּלמוד פֿאַררעכגט פֿאַר אַ נבֿיאה, מגילה, יד/בּ, און ווי איינע פֿון די פֿיר שענסטע פֿרויען אין דער וועלט, דאָרטן, טו/א].

אבֿידה — [אַוויי'דע] די. אַבֿידות [אַוויי'דעס]. < שמות, כב, 8 אאַ. 1. פֿאַרלאָרענע זאַך; אָנווער פֿאַרלוסט, שאָדן. ,,זי האָט פֿאַרלאָרן ,

דאַס קידושין־רינגל, קלאָגט זי אויף דער א'“.

‘‘אַז דו ווערסט זען האבידה פון הישׂראל מוזסטו זיך מטריח זײַן און נעמען די אַבֿידה און אָפּגעבן צו דעם ישׂראל. אָבער אַז דו ווערסט זען האבידה פֿון העכום, דאַרפֿסטו זיך ניט מטריח זײַן — און אָפּגעבן דעם עכום. אָבער אַז דו האָסט שוין די אַבֿידה אין דײַן האַנט מוזסטו זי אַוועקגעבן אַפֿילו צו העכום אויך", שהמ, ג/א.

*אויספּויקן אויף דער א, = אויסרופֿן, לאָזן וויסן וועגן אַ זאַך וואָס מע האָט פֿאַרלאָרן. אָפּט איר. 2. טויט פֿון אַ וויכטיקער פּערזענלעכקייט. ,,האָט איר שוין געהערט פֿון דער א'? דער רבֿ איז נפֿטר געוואָרן‘‘. 3. גרויס אומגליק, נאַציאָנאַלער אָנווער. ,,פֿריִער האָט מען גאָרניט געוואוסט די גרייס פֿון דער אַבֿידה. איצט זעען מיר באַשײַמפּערלעך ווי טויזנטער ייִדישע קהילות זענען אָפּגעמעקט געוואָרן,,, פּיעט, מועד, הקדמה.

אבידה שאינה הוזרת — [אַוויי'דע שעאיי'נאָ כויזע'רעס] די. פֿראַזע. אַ פֿאַרלוסט וואָס קערט זיך ניט אום. ,,דער טויט פֿון אַן אָדם גדול איז אַן א, ש, ה‘‘.

אבי־ההתן — [אַווי'־האַכאָ'סן] דער. מצ נבֿ.
פֿאָטער פֿון דעם חתן; דעם חתנס טאַטע. „דער אבֿי־החתן איז זיך מתחייבֿ צו געבן דער כּלה אַ מתּנה אַ שנירל פּערל“. אַבֿ אַ חתן — איר
' .

וועגן א'־ה'.
אבֿי־הילד — [אַווי'־האַיעלער] דער. מצ נבֿ.
דער טאַטע פֿונעם קינד; דער בעל־ברית. „הרחמן הוא יבֿרך את אבֿי הילד“ = „דער דערבאַרעמדיקער זאָל בענטשן דעם טאַטן פֿונעם קינד“ (דער ערשטער פֿון די זעקס הרחמנס וואָס מע זאָגט בײַם בענטשן נאָך דער סעודה

-

פֿון אַ ברית). אויך: אבי־הבן [אַווי'־האַבע'ן] = דער טאַטע פֿון דעם זון.
אבֿי־הכּלה — [אַווי'־האַקאַ'לע] דער. מצ נבֿ.
פֿאָטער פֿון דער כּלה; דער כּלהס טאַטע. „און דער אבֿי־הכּלה איז זיך מתחייבֿ צו געבן אַ מתּנה דעם חתן: אַ גאָלדענעם זייגער און א

ווילנער ש„ס“. „דאַכט זיך, דערוויַיל בין איך
דער אבֿי־הכּלה!“, שע, טבֿיה.

- -

אבי־הנבּיאים — [אַווי־האַנווי'אים] דער. מצ
נבּ. 'פֿאָטער פֿון די נבֿיאים'. ערנטיטל פֿאַר
משה רבּינו. ספֿרי, בּמדבּר, קלד.
אָבֿי ומורי — [אָ'ווי אומוי'רי] דער. מיַין
פֿאָטער און מיַין לערער; ← אָבֿי מורי. „אַז אַ
טאַטע האַט געהאַט די זכיה צו זיַין ,אבֿי
ומורי‘“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טיַיטש.

-

אבֿיון — [ע'וויען] דער, ־ים [עוויוי'נים].
< דבֿרים, טו—4, 7, 11 אא. אָרעמאַן וואָס
האָט גאַרנישט; גרויסער אַרעמאַן. דער
גרעטטער אָרעמאַן צווישן אַלע קאַטעגאָריעס

אָרעמעאבֿיונות

לײַט; דער ערשטער, על־פּי דין, צו באַקומען
צדקה [לויט ספֿרי]. „ער שטעלט אויף פֿון שטויב

דעם אָרעמאַן, פֿון מיסטן דערהייבט ער דעם
א'"", תּי, תּהלים, קיג, 7. „עפּין דיין מויל ערליך
צו פּסקנן וואָס קומט איין עני און איין א,"",
מס, משלי תּקע"ד לא, 9. „און בײַם אַלעם דעם
וואַר ער אַ גרויסער א'...ער וואַר באַשאָטן מיט
קינדער", אמד, דער שבֿעים מאָלצײַט, (1877)
18. „איך האָב שטענדיק צו טאָן מיט אבֿיונים,
קבּצנים, אומגליקלעכע נעבעך"„ ממוס, פֿישקע.
גוטער א, = גרויסער אָרעמאַן. „[דער דרשן]
כלעבן איז אויך אַ גוטער אבֿיון, ער מעג זיך
אויך ריכטן אויף אַ גוטן ברוך־הבּא, בשעת ער
וועט קומען אַהיים פֿון דער דרשה", יודישעו
פֿאַר־פּסח. *אַן א, אין זיבן פּאָלעס = אַ
זיבנפֿאַכיקער אָרעמאַן [זאָל שטאַמען פֿון דעם וואָס
עס ווערן אויסגערעכנט זיבן מינים אָרעמלײַט:
עני, אבֿיון, מסכּן, רש, דל, דך, מך]. „בײַ אַן
אבֿיון אַ צווילינג איז ווי די (דאָס) פֿינפֿטע ראָד
בײַם (צום) וואָגן", שוו. *מאַכן פֿאַר אַן א, =
דערברענגען צו אַ מצבֿ פֿון אָרעמקייט, בעיקר
דורך בייזוויליקייט. מלך אבֿיונס גיטער,
פֿוּול = א) לד. איר וועגן אַ זייער אָרעמער
בעלי־בתּישקייט, פֿאַרמאָגן מ, א, ג,; ב) פּד.
קאָלעקטיווער צונאָמען פֿאַר אַ צאָל שטעטלעך
אין לובלינער געגנט (בילגאָריי, פֿראַמפּאָל,

יאָנעוו אאַ) וואָס זײַנען געווען זייער אָרעם. קומען
פֿון מ, א, ג'. *עני ואבֿיון עט קאָמפּאַני, איר.
 ער איז ניט קיין גרויסער עושר און ניט קיין
קליינער א, (אָרעמאַן),,, פֿוול, איר. פֿקפֿ:
אבֿיונדל [ע'וויענדל].
אבֿיונות — [עוויוינעס] די (דאָס), ־ן (זן).
< מדרש תּהליס, ע. גרויסע אָרעמקייט, דחקות,
אָפֿענע נויטבאָדערפֿטיקייט. ,,אינעם הילוך
זײַנעם דערקענט מען זײַן א'“. ,,דאָס א, שטאַרצט
אַרויס פֿון יעדן ווינקל“, פּרץ. ,,רבּ לייבּע דער
דאָרפֿישער שנײַדער איז Iלוצעם אַן אַלמן
געבּליבּן...האָט ער בּאַלד נאָך שבֿעה אין
גרויסער א, געקליבּן זיך ווילנע פֿאַרלאָזן“, מל,
'ווי אַזוי אליהו הנבֿיא האָט געראַטעוועט ווילנע
פֿון שניי'. ,,...איז געבּליבּן בּײַ איר
קולטורעלער א', ווען איר טאַלאַנט האָט רײַך
אויפֿגעבּליט“, מוק, טעאַטעך.
אבֿיונותדיק — [עוויוי'נעסדיק] אַדי. זייער
אָרעם, וואָס איז אין גרויס דחקות. ,,זײַן לעבּן
איז אַזוי א, אָן אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג,,, פּרץ.
אבֿיונטע — [ע'וויענטע] די, ס. זייער
אָרעמע פֿרוי. ,,...און אַן א, אַ גרויסע, און זי
שרײַט נאָר און זי שעלט“, פּרץ, ,מײַן מוזע'.

אבֿיונים — [עוויוינים] די, מצ פֿון אבֿיון ←.

1. אָרעמעלײַט. „א, ווי זאַמד אויף דעם ברעג פֿונעם ים, ווי שטערן אין הימל — קבצנים“, פֿרוג, 'דער הימל שפּאַלט זיר. 2. ייִדיש־קריסטלעכע סעקטע אין ארץ־ישׂראל אין די לעצטע יאָרן פֿאַרן חורבן □.ת־שני און אַ קורצע צײַט נאָכן חורבן. [די א, האָבן ניט געהאַלטן אַז ישו הנוצרי □.ז גאָטס זון, נאָר אַ גײַסטיקער לערער, וואָס האָט געוויזן מענטשן ווי צו לעבן. זיי האָבן געלעבט אין קאָמונעס און געווען זייער אָרעם. אָרעמקייט איז געווען בײַ זיי אַן אידעאַל. פֿון זיי שטאַמט דער מאמר: „דער וואָס האָט הײַנט ברויט צו עסן און זאָרגט

אויף מאָרגן איז פֿון די מחוסרי אמונה“, מכילתא, וישלח].

□

אבֿיוניש — [עוויויניש] אַדי. וואָס איז ווי בײַ אַן אבֿיון. א'ער הילוך. א'ע השׂגות. „נאָך די א'ע שטיבלעך הייבט זיך אָן דער בי□־עולם“. „אונדזער ייִדישער טעאַטער איז געקומען אויף

דער וועלט אין דער צײַט פֿון דער סאַמע
אָרעמסטער טעאַטראַלער פֿאָרעם און א'ן
אינהאַלט", מוק, טעאַטער.
אבֿיונישקייט — די (דאָס), ־ן. אײגנשאַפֿט
אָדער מצבֿ פֿון זײַן אבֿ□וניש. אַן א, וואָס
פֿאַרדריקט דאָס האַרץ. „א, מוז מען פֿאַרטרײַבן
מיט קאָפֿ", אָקרוטני, טמז, 24 □ 1953 I.
-

אביון מדוכא — [ע'וויען מעדו'קע (אויך:
מעדו'כע)] דער. מצ נבֿ. געבראָכענער
אָרעמאַן, אָרעמאַן אין זיבן פֿאָלעט. „מײַן שווער
איז אַלע מאָל אָרעמער געוואָרן, ביז ער איז
געוואָרן אַן א, מ ד ו כ א", ספֿר דובֿר שלום.
אבֿיון שבאבֿיונים — [ע'וויען שע'בעוויוי־
נים] דער, ־ים שב... אָרעמסטער צווישן אָרעמע.
„אַפֿילו דעם א, ש, באַהאַלט איר אויך ניט
אומזיסט און רײַסט פֿון אים טויטערהייט די הויט
אָפּ", קמ, 2 1866, No. „פֿינטע איז געווען אַן
עושר און געשטאָרבן אַן א, ש'", פֿוול.

□

אָבֿי זקני — [אָווי זקייני] דער. מצ נבֿ. מײַן
זיידע. דרו־ארצדיקער אויסדרוק אין בריוו, אין

ספֿרים, אין פֿײַערלעכע רייד.

אָבֿי הורגי — [אָווי כוירגי] דער. מצ נבֿ. מײַן שטיפֿפֿאָטער. דרך־ארצדיקער אויסדרוק אין בֿריוו, אין ספֿרים, אין פֿײַערלעכע רייד.
אבֿי־יתומים — [אַווי'־יעסוימים] דער. < תּהילים, סח, 6. פֿאָטער פֿון יתומים (באַצייכענונג פֿאַר גאָט). „גאָט וועט ניט שווײַגן, ער איז אַן א'־י'“, שע, „אַ שמאַלצגרובֿ'.
אבֿילה — [אַוויי'לע] די, ־לות. אָבֿלטע; פֿרוי אין צושטאַנד פֿון טרויער אויפֿן טויט פֿון גאָר נאָענטע קרובֿים: פֿאָטער, מוטער, זון, טאָכטער, בֿרודער, שוועסטער, מאַן. (← אָבֿל)* „אַפֿילו שבת איז זי אויך געזעסן אַליין ווי אַן א,“, ניסן לעווינסקי, יחות ערבֿות, פּיעטריקאָוו תּרפּ“ה. „אַ יולדת ווען זי איינע א, איז...“, ר, אַבֿרהס בֿרודא, הליבות עולס, אונגוואַר 1864.
אבֿילות — [אַוויי'לעס] דאָס, ־ן. (אויו די, אצ, מצ). 1. מצבֿ, צושטאַנד פֿון זײַן אַן אָבֿל ←; סכום דינים און פֿירונגען בײַם זײַן אַן אָבֿל. א, הייבֿט זיך אָן ערשט נאָך דער קבֿורה פֿון מת. “[פֿאַרוואָס עסט מען בעת א, לינדזן?] דען איין

לינז איז רונד צו ווײַזן דש דאָש א, גיט הרום:
הײַנט איז עש אַן איינם, מורגן איז עש אַן
איינם אנדרן,,, ספֿר המנהגים, אמשט 1723,
לא/א. האַלטן, אָפּריכטן, נוהג זײַן, פּראַווען
אבֿילות. שבֿת טאָר מען ניט אָפּריכטן קיין א'.
מען איז מקיל אין נוהג זײַן א'. אַז מע האַלט
א', האַלט מען ניט אָפֿן די קראָם. פּראַווען א,
נאַכן רבּין. ,,אין אַ □ טובֿ וואו מע פּראַוועט א,
איז גוט צו שווײַגן,,, שוו. טרײַבֿן א,, אַרכ.
,,מיר קערן ניט איין מאָל א, אום אים טרייבֿן,
מיר וואָלין אים קדיש נאָך זאָגין...“, חקירות
הלבֿ, אמשט, תּצ,,א, ד/א. ,,מוזן די אַבֿלים
זעלבּיגש מאָל קריעה רײַסן און, ווייטר קיין

אבֿיאָבֿינו מלכּנו

לות טרייבֿן,,, □ tמחת הנפֿש, דיני קריעה. ,,פֿון
וועגן דאָס מען זאָל רעכט א, טרײַבֿן איבֿער
דעם צדיק מתושלח“, צור, נח. 2.
טרויערשאַפֿט (איבֿער יחידישע אָדער פֿאָלקישע סיבּות,
מאָטיוון). ,,אַ פֿאָלק פֿון א, נאָר בּיסטו, מײַן
פֿאָלק, וואָס טרויערט אַפֿילו אין פֿריידן“,
יהואָש, 'זכר לחורבן'. ,,אין א, צו דער ערד די
קעפּ געבייגטע, וואַרטן ייִדן מיט די קינות

או רבֿ", אַל III, 'ר, לוי־יצחק'.
אבֿי דיק — [אַוויי'לעסדיק] אַדי. 1. וואָס
איז אין מצבֿ פֿון אבֿילות. זיצן א, אויף אַ
שבֿעה־בּענקל. „מיט אַזאַ אויסדרוק אויפֿן פּנים,
ווי זי וואָלט זיך געדאַרפֿט צוריקקערן אין א'ער
שטובֿ", חג, טמז, 2 . 5 53 XII. שטאַרק
פֿאַרטרויערט, וואָס איז אין זייער אַ געדריקטן
געמיט, ווי אין אבֿילות. ז צן מיט אַן
אַראָפּגעל קאָפּ אין אַן א'ער שטימונג.
-
אבּ דיקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ אָדער
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אבֿילותדיק.
אבֿילות־זאַק — [אַוויי'לעס־...] דער, ...־זעק.
זאַק וואָס מע טוט אָן אויף זיך ווי אַ צייכן פֿון
טרויער (אין תּנכישע צײַטן). [איבּער דעם גורט
אָן זאַק־קליידער, טוט קלאָגן און יאָמערן", תּי,
ירמיה, ד,]. „און אַז איך טו אָן אין געדאַנק
אויף מײַנע לענדן א'־זעק און גראָבּ אַרײַן אין
אַש דעם קאָפּ...", הל, טרעבּלינקע.
אבֿילותטע — [אָוויי'לעסטע] די, ־ס. דזוו
וורר, פּך.
א ת שבֿעה — [אַוויי'לעס שי'ווע] דאָס
(די). מצ נבּ. סכום דינים און פֿירונגען פֿון

טרויער נאָך אַ קרובֿ (← אָבֿל) אין די ערשטע
זיבן טעג נאָך דער קבֿורה. [דער טאָג פֿון
קבֿורה ווערט פֿאַררעכנט ווי אַ גאַנצער טאָג;
אויך אַ טייל פֿון זיבעטן טאָג ווערט
פֿאַררעכנט ווי אַ גאַנצער. בײַ א, ש, זיצט מען אויף
אַ נידעריק בענקעלע, מע טראָגט ניט קיין שיך,
א (ורבעט ושיס — [אַוויי'לעס שלוי'שים]
מע יט, מע לערנט ניט אאַ.]
ות ש
דאָס (די). מצ נבֿ. סכום דינים און פֿירונגען
פֿון טרויער נאָך אַ קרובֿ (← אָבֿל) אין ערשטע
דרײַסיק טעג ←. שלושים). [„און די קינדער
פֿון ישׂראל האָבן באַווײנט משהן...דרײַסיק
טעג“, תּי, דבֿריס, לד, 8]. אין א, ש, שערט
מען זיך ניט די האָר, שנײַדט מען זיך ניט די
נעגל; מע טוט ניט אָן קיין נײַע בגדים, מע
 ייִט ניט אויף
בֿי
שׂמחות.
אָבֿי מורי — [אָ'ווי מוי'ר] פֿראַזע. אויך: אָ
ומורי. מײַן פֿאָטער מײַן לערער. או סדרו I
פֿון גרויס דרך־ארץ צום פֿאָטער, ספּעציעל צו
אַ פֿאָטער אַ תּלמיד־חכם (אַ רבֿ). ווי אַ

ווענדונג אין בּריוו; ווי אַ טייל פֿון אונטערשריפֿט;
בּײַם פֿאַררופֿן זיך אין אַן ענין פֿון הלכה.
:אָבֿן עפּעס בּקבּלה פֿון אָ, מ'.
אָבֿינו — [אָווי'נו] אונדזער פֿאָטער. ערן־
צוגאָבֿ צום נאָמען פֿון יעדערן פֿון די דרײַ
שטאַמפֿאָטערס פֿון ייִדישן פֿאָלק: אַבֿרהם אָבֿינו,
יצחק אָבֿינו — [אָווי'נו מאַ'לקיי'נו] דער, ־ס.
ינו, יעקבֿ אָבֿינו.
אָבֿינו מ
אונדזער פֿאָטער, אונדזער קיניג. ווענדונג צו
גאָט. ערשטע ווערטער און נאָמען פֿון דער
תּפֿילה ימים־נוראָים צו שחרית און צו מנחה,
אויך אָלע עשׂרת ימי־תּשובֿה, יום־כּיפּור אויך

אָבֿינו מלך

צו נעילה (מען עפֿנט דעם אָרון־קודש), ווי
אויך אין אַ תּענית־ציבּור [דערמאָנט אין תּענית,
כה/בּ, און צוגעשריבּן רבּי עקיבֿאָן]. לויט
נוסח אַשכּנז האָט די תּפֿילה 44 זאַצן וואָס
אַלע הייבּן זיך אָן מיט אָ, מ,, לויט נוסח ספֿרד
— 23, אין מחזור סאַלאָניק — 53, פֿוול:
,,ווערסט נאָך דאַרפֿן זאָגן אָ, מ, בּיז דו ווערסט
אויסווייִנען (אַרויסקריגן) דעם קרן" —

אָנצוהערעניש אויף: 'אָ, מ, הרם קרן משיחך';
*,,ער זאָגט שוין אָ, מ'" = ער קלײַבט זיך
צו באַנקראָטירן, אָנצוהערעניש אויף: 'אָ, מ,
מחוק...שטרי חובֿותינו'. שפּאַסיקע פֿראַגע (צו
אַ חדר־ייִנגל: — וויפֿל אָ, מ'ס איז פֿאַראַן? —
44! — ניין, גאַרעלע, איין אָ, מ, אין הימל
□און או □Iר
— [אָווי'נו מײַ'לעך] דער. '
אוני דער ער□).
אָבֿינו מ
דזער פֿאָטער — [דער] מלך,. ווענדונג צו גאָט.
אויסרוף פֿון מונטערקייט, אויפֿגערוימטקייט.
,,אָ, מ, — דאָס האַרץ איז מיר פֿריילעך.
פֿריילעך וועלן מיר זײַן, טרינקען וועלן מיר ווײַן.
קרעפּלעך וועלן מיר עסן, און או□ו.זער ליבֿן
גאָט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן", פֿל. אין אַ
ציילעניש: ,,אָ, מ', קאַטשקע דריילעך; מיר אַן
עפּל, דיר אַ צעפּל; מיר אַן אָפּ, דיר אַ צאָפּ",
□Iל.
אבֿינועם — [אַווינוי'אַ□] מענער־נאָמען. תּנ.
,פֿאָטער (קוואַל) פֿון ליבלעכקייט'. ,,האָט
[דבֿורה] געשיקט און האָט גערופֿן ברק, דעם
זון פֿון א'..."', תּי, שופֿטים, ד, 6. דער נאָמען

יז איצט שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין א"י.

אָבינו שבשמים — [אָווי'נו שעבּאַשאָמאַ'ייִם] דער. 'אונדזער פֿאָטער וואָס איז אין הימל'. (ווענדונג צו) גאָט. [ווערט איבערגעחזרט אין די פֿיר יהי־רצונס וואָס מע זאָגט מאָנטיק און דאָנערשטיק נאָך קריאת התּורה]. „אָ, ש', איַאיַ ש', לאָמיר אַלע מאַכן אַ לחיַם, איַ־איַאייַ", פֿל.

א ג (השונמית) — [אַווי'שאַג האַשונאַ'־מיס] פֿרויען־נאָמען. תּנ. „און זיי האָבּן געזוכט אַ שיין מיידל אין גאַנצן געמאַרק פֿון ישׂראל, און זיי האָבּן געפֿונען אבישג פֿון ש ו נ ם און האָבּן זי געבּראַכט צום מלך", תּי, מלכים א, א, 3. „...ער וואַר שיין ווי יוסף ון זי ווי אַ, ה'", אמד, טפּורי מוסר, 1875.

אבישי — [אַווי'שע] מענער־נאָמען. תּנ. 'פֿאָטער־געשאַנק'. "און אַ', יואָבֿס בּרודער, דער זון פֿון צרויה, ער איז געווען דער הויפּט פֿון די דריַ [דודס גיבּורי]", תּי, שמואל בּ, כג, 18. בּאַניַט געוואָרן אין א"י.

אָבֿל — [אָוו] דער, ־ים [אַוויי'לים]. דער וואָס איז אין צושטאַנד פֿון טרויער אויפֿן טויט פֿון אַ נאָענטן קרובֿ (פֿאָטער, מוטער, זון, טאָכטער,

בּרודער, שוועסטער, ווײַבּ). מע ווערט אַן אָבֿל גלײַך נאָך דער קבֿורה (פֿריִער איז מען אַן אונן ←). [פֿאַראַן דרײַ פּעריאָדן פֿון זײַן אַן אָבֿל: ש בֿ ע ה — די ערשטע זיבּן טעג נאָך דער קבֿורה, ← אָבֿ(י)לות שבֿעה; ש ל ו ש י ם — די ערשטע דרײַסיק טעג, ←אבֿ(י)לות שלושים; די ערשטע 12 חדשים (נאַך פֿאָטער און מוטער, און דער אָבֿל זאָגט קדיש עלף חדשים)]. שווײַגן ווי אַן אָ', (זיצן) שטום ווי אַן אָ'. אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ ווי אַן אָ'. „ווען אַ

נגיד איז אַן אָ, מוז ער אָנקומען צום אָרעמאַן [צום מנין]“,שוו. „אַז מע גייט צו אַן אָ', נעמט מען צוויי מאָל שׂכר פֿאַר דעם מנחם זײַן דעם אָ,...און פֿאַר שווײַגן וואָס ער רעדט ניט קעגן גאָט, און ער איז מודה אַז גאָט איז גערעכט וואָס דער מענטש איז געשטאָרבּן“, איבּז יעבץ, עין יעקבֿ, בּרכות, טז/א. „בּעסר איז צו גיין צו איין אָ, איידר אוף סעודהליד“, מס, קהלת, תּקע“ט, ז, 2. „לינזן הוט קיין מויל וויא איין אָ, דער נישט רעט“, ספֿר המנהגים, אמשט,

1723, לא/א. "איך וויל און טאָר ניט זינגעI
— ווײנען, זיפֿצן מעג איך נאָר, ווײַל איך בין,
מײַן קינד, אַן אָ, שוין כּמעט צוויי טויזנט יאָר",
פֿרוג I, 'דער פֿרילינג,. „מיר זײַנען געגליכן
צו אַ בוים אָן בלעטער און אָן צווײַגן — אַן
אָ, צווישן ביימער", ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.
[„אָ, מאַכט אויף ראשי־תּיבֿות: איך בין
לוסטיק", חקירות הלבֿ, אמשט, תּצ„א, ד/א. ריבֿ].
אָבֿל — [אָוול] אַדי. נעאַל. אַבֿלדיק. „מענטשן
קומען אַרײַן, באַטראַכטן דאָס ליידיקע אָ'ע
הויז און גייען אַרויס", הל, אין קיינעמס לאַנד.
„דעריבער האָט ער בײַ די אָבֿלע [אָוועלע] שכנים
געגאָלטן פֿאַר דעם וואָס איז האָנערדיק־זיכער",
סוצ, געהיימשטאָט.
אָבֿל ▯ באַנק — [אָוול־...] די,...־בענק פֿקפֿ
בען.
קל. 1. באַזונדערע באַנק אין שולן און
בתּימדרשים בײַ דער מערבֿ־וואַנט, וואָס אויף איר
זײַנען געזעסן די אַבֿלים, צו זיי פֿלעגט מען
פֿרײַטיק־צונאַכטס זיו אומדרייען בײַם זאָגן
'בואי בשלום, (←). אויף דער באַנק פֿלעגן
אויך זיצן די אָרעמעלײַט, האָט מען זי גערופֿן
אין אַ צאָל ערטער אויך שנאָרער־באַנק.
„ואף לאחר זאת ווען אויז דעם חרם קומט,

זאָל ער במשך שנה תּמימה מוזן בביה״כ על
אָבֿל־באַנק זיטצין,,, 'פּנקס פֿון קהילת אה״ו',
תּפּ״ד, ייִבֿל 2 .XIII (X, 116l. ספּעציעל נידעריק
בענקל אויף וועלכן אַן אָבֿל איז געזעסן אין
די טעג פֿון שבֿעה [אין אַ צאָל ערטער פֿלעגט
די חבֿרה קדישא ברענגען דאָס בענקל]. ,,איז
דען איינר הניין גאנגן צו דער אנדר טיר...
דאָרטן זיינן אַבֿלים...דאָ האָט ער זיך גיזעצט
נעבן דעם אָבֿל אויף דיא אָבֿל באַנק״, לט1,
1/137 ״די מומע...אין די זאָקן און אויפֿן
נידעריקן אָבֿל־בענקל איז געזעסן...צוזאַמען מיט
די אַבֿלות נאָכן ,נפֿש חיה'״, ייִט, פּוילן II.
3. באַשולדיקונגס־באַנק. ,,לאָז דער פֿײַנער
מענטש וואָס שינדט די הויט...זיצן אויף דער
אָ־ב, (סקאַמיאַ פּאָדסודימיך) וועט דאָס דעם
צענטן אָנלערנען,,, ייִפֿאָל, 32 1882, No.
אָבֿלדיק — אַדי. < אָבֿל. וואָס איז אין טרויער
(ווי) נאָך אַ מת. ,,די אַרטיקלען ווערן עפּעס
בלוטלאָזע און עפּעס אויך אָ'ע״, מוק,
באַגעגענישן I.
אָבֿלדיקייט — די (דאָס), ־ן. יגנשאַפֿט
אָדער מצבֿ פֿון זײַן אָבֿלדיק. ,,מיר שפּירן
ביידע גאָר .שט דאָס אָ, פֿון דעם הויז״, ווײַס,

'ווי דער גורל פֿירט'.
אבֿלה — [אַווײלע] דזוו אבֿילה.
אבֿל ואפֿלה — [אײװול װאַאַפֿײ'לע] צבֿ [
איבֿערגעפֿורעמט פֿון תּנ חושר ואפֿלה?]. (גרויס
טרויער און (געדיכטע) פֿינצטערניש. גרויס
אומגליק, ביטער אָנשיקעניש. אויסבראָו פֿון

אבֿלי־ציון

גאָר ביטערן געמיט. בײַ י. קאָפּילאָוו: ,,חושך,
אָבֿל ואפֿלה“.
אָבֿל והפּ י ראָש — [אָ'וול װאַכאַפּוי ראָ I
אַדוו פֿראַזע. < אסתּר, ו, 12. ,,טרויעריק
און מיט אַ פֿאַרדעקטן קאָפּ“, תּי. שטאַרק
פֿאַרשעמט, דערשלאָגן, מיט האַרצקלעמעניש. ,,און
דער ר, אפֿרים איז אַרויס פֿון אים אָ, ו, ר,,
און האָט זיך ניט געלאָזט זען אויף דער
װײַסער װעלט כּמה װאָכן“, אמד, באָרוסקע דער
שומר, תּרל,,ב, 39. ,,דער גאָון...פֿירט...
װיכּוחים מיטן קאַנאָניק און דער גײט שטענדיק
אַוועק אָ, ו, ר,, ווי אַ קוימענקערער“, פּרץ,
מײַנע זכרונות. ,,אַוועקגעגאַנגען אַלע מאָל פּ
אים אָ, ו, ר,, מיט אַ האַרץ פֿול וואונדן“, שע,
'דאָס דריידל,.

אָבֿל ותוגה — [אייוול ווייטו'גע] צבֿ פֿון
סינאָנימען. (גרויס) טרויער און (שווערער)
קומער. שווערער בראָך, טיפֿער טרויער. „ווערט
אָבֿער פֿון שׂשׂון ושׂמחה — אָבֿל ותוגה", פּרץ,
„נסים ונפֿלאות".
אַבֿלות — [אַווײלעס]. 1. דזוו אבֿילות ←.
2. מצ פֿון אבֿילה ←.
אָבֿל זוטרתי — [איי'וועל זו'טראָ'סי] ← אָבֿל
רבּתי.
אָבֿל־טוך — [אָוול־...] דאָס & די (אויו דער),
...־טיכער. שוואַרצע שאַל אָדער טוך וואָס
אָבֿלטעס הילן זיך אײַן אין איר די גאַנצע צײַט
פֿון אבֿילות אויפֿן טויט פֿון אַ נאָענטן. „נאָך
דער שקיעה ווערן די ווײַטענישן אײַנגעהילט
וו
לטע
— [אָוולטע] די, ־ס. פֿרוי אין צושטאַנד
י אין שוואַרצע אָ,־טיכער", ייִט.

פֿון טרויער. ← אָבֿ(י)לה. אויך אבֿלתטע,
אָבֿ

אבֿילותטע. „פֿרעמדע ווײַבער פֿירן די
אָ, אונטער די הענט גלײַך הינטערן אָרון,

וויינען מיט, טרייסטן, טרעטן ניט אָפּ“, חג,
עגונה. „...ווי מ'זאָל זאָגן צו אַן אָ, אויף דער
לוויה פֿון איר מאַן — פֿע, זי וויינט נישט
'עסטעטיש,“, בּימקאַ.

אבֿלי ישׂראל — [אַוויי'לײַ ייִסראָעל] די. בּמ.
די וואָס טרויערן אויף ישׂראל; די וואָס
טרויערן אויפֿן חורבן, אויף דער שכינה אין גלות;
אויף אַ גרויס ייִדיש אומגליק. „השם יתבּרך
זאָל טרייסטן דיך מיט אַלע א, י“, פּרץ,
בּילדער און סקיצן.

אבֿלי־ציון — [אַוויי'לײַ־ציִ(י)ען] די. בּמ.
< ישעיה, סא, 3. ,די טרויערערס פֿון ציון';
די וואָס טרויערן אויפֿן חורבן. 1. נאָמען פֿון
אַ סעקטע (סעקטעס?) וואָס האָט געלעבּט אין
א„י, עקסיסטירט בּיז 13. (?) יה און זיך
אויסגעצייכנט מיט שטאַרקן טרויערן אויפֿן חורבן.
א'־צ, האָבּן ניט געגעסן קיין פֿלייש, ניט
געטרונקען קיין ווײַן, געלעבּט אין שלעכטע
דירות, געטראָגן שוואַרצע מלבּושים. □ [פֿאַראַן אַ
מיינונג אַז דאָס איז שפּעטער געווען אַ כּיתּה
קראָים]. אָנצוהערעניש אויף א'־צ, אין בּבֿא
בּתרא, ס/בּ (ר, יהושע טרעט אַרויס קעגן
טרויערן איבּער דער מאָס). 2. אין מנחה פֿון תּשעה
בּאבֿ אַ תּפֿילה 'נחם, (נאָך דער בּרכה ,בּונר

ירושלים'): „טרייסט, גאָט,...די א'־צ'...“ [“ער
וועט אַרײַן אין אַ פּאַלאַץ און ער וועט זען די
אַלע אייבּערשטע מלאָכים וואָס ווערן אָנגערופֿן
אַבֿלים פֿון ציון וואָס וויגען אייבּיק אויפֿן

אָבֿל־סעודה

חורבּן“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער]. „אין
פֿערטן היכל זענען אַלע אבֿלי ציון וירושלים
און אַלע וואָס זענען דערשלאָגן געוואָרן דורך
די אומות אַשור ובּבֿל“, נוצ. [בּײַ מנחם־אָבֿל
זײַן זאָגט מען 'המקום ינחם אתכם בּתוך אבֿלי
ציון וירושלים,].

אָבֿל־סעודה — [אָוול־סודע] די, ־דות.
טרויער־מאָלצײַט, סעודת הבראה. אַן אָבֿל וואָס
קערט זיך אום פֿון קבֿורה טאָר ניט עסן זײַנס,
ער דאַרף עסן 'לחם אנשים'. איז אַ מנהג אַז
שכנים אָדער ווײַטערע קרובֿים, ניט קיין אַבֿלים,
בּרענגען אַרײַן די ערשטע סעודה [דער אָבֿל
האָט דאָך ניט געקענט האָבּן אין זינען
צוצוגרייטן פֿאַר זיך שפּײַז. עס איז אויך אַ מיטל
אָפּצוקערן זײַנע געדאַנקען פֿון זײַן אומגליק].

מען איז זיך נוהג צו ברענגען גרינגע שפּײַזן און אַזעלכע וואָס זײַנען סימבאָליש: אייער, בייגל, אַרבעס, לינדזן [זיי דערמאָנען, אַז די וועלט איז אַ גלגל החוזר, קײַלעכדיק. אייער, אַרבעס, לינדזן האָבן אויך קיין מויל ניט און ווינקען אָן אויף דעם אַז דער אָבל שווײַגט]. די שפּײַזן ברענגט מען ניט אין טײַערע כּלים, נאָר אין אַ קאָרב, כּדי ניט צו פֿאַרשעמען אָרעמע מענטשן.

אָבֿלען — אָבֿל, געאָבֿלט. נעאָל. מוק. אוטוו — זײַן אין צושטאַנד, מצבֿ פֿון אַן אָבֿל. אָ, נאָך דעם נאָענטן פֿרײַנד. טרוו — אויסדריקן טרויער (אבֿילות) דורך עפּעס. „אָבֿלען מיר און אָבֿלען אונדזער יאָמערדיקן ניגון אויף די בערגער פֿון סקעלעטן„„ אַריה שמרי.

אָבֿל רבתי — [איי'וועל ראַבאָסי, אויך. ראַבֿ.
סי]. נאָמען פֿון איינער פֿון די קליינע מסכתּות אין תּלמוד. הייסט געוויינטלעך מסכתּא שׂמחות [סמאָכעס], בלשון סגי־נהור (פֿאַרקערט פֿאַרשטעלט: אַנשטאָט 'גרויסער טרויער,' — 'פֿריידן') פֿאַראַן אויך אַ קלענערע

מסכתא א בֿ ל ז ו ט ר ת י [וואָס איר טעקסט האָט מען געפֿונען אין אַ כּ,,י אין וואַטיקאַן (1889, חיים מאיר הורוויץ)].

אָבֿלש — אַדי. נעאָל. וואָס איז ווי בײַ אַן אָבֿל, וואָס איז פֿאַרטרויערט. ,,[שטערן] וואַכן אויף אונטער אָבֿלשער מוזיק", פּמ, 1947.

אָבֿל־שטוב — [אָוול־...] די,...־שטיבער (שטובן, פּד). שטוב, צימער, וואו מע זיצט שבֿעה, מע פּראַוועט אבֿילות. אין אַן אָ,־שטוב קערט מען אום אָדער מע פֿאַרהענגט די בילדער, שפּיגלען, מע נעמט צו אָדער מע פֿאַרדעקט טײַערע זאַכן, צירונגען. ,,...און קערט אום דאָס קאַרטל אויף דער צווייטער זײַט, ווי מע קערט אום אין אַן אָ'־ש, דעם שפּיגל", אַר, אָנזיכטס־קאַרטען'.

,

אבֿלתטע — [אַוויי'לעסטע] די, ־ס. < אָבֿל + ת + טע. דזוו אָבֿלטע, פֿאַרשפּרייט אין וורר, פּר.

אבֿמה"ה — ר"ת פֿון: אבֿר מן החי.

אָבֿ־מלאָכה — [אָ'ור־מעלאָ'כע] דער (לד, אוקר) און די (פּד, אוקר), אָ'בֿות־... און אַבֿו'ת מלאָכות. 1. גרונטאַרבעט, הויפּטאַרבעט וואָס איז פֿאַרווערט צו טאָן אום שבת. ,,אָבֿות־מלאָכות, פֿאָטערס פֿון מלאָכות...זענען פֿערציק

ווינציקער איינע: אַז איינער זייט און אַז איינער
אַקערט, און אַז איינער שנײַדט אָפּ...און אַז
איינער ווינטשופֿלט...“, פּיעט, שבת, ז, ב (←

22

דאָרטן אַלע 39 אָבֿות־מלאָכות). [„עס זענען
אויך פֿאַראַן מלאָכות וואָס מע טאָר ניט טאָן,
און זיי זענען אָפּשטאַמונג־מלאָכות, תּולדה.
למשל, באַגיסן גראָזן מיט וואַסער...הייסט
אויך 'זורע', פֿאַרזייען, מחמת דאָס העלפֿט
צום וואַקסן, אָבער דאָס איז ניט דער עיקר
'זורע', נאָר אַן אָפּשטאַמונג דערפֿון, אַ תּולדה.
יעדע אָבֿ־מלאָכה האָט אירע
אָפּשטאַמונגסמלאכות, אירע תּולדות“, פּיעט, שבת, 31].
2. זייער אַ גרעאָטענע אַרבעט. „איך זאָג אײַך
ס'איז אַן אויסגעצייכנט שטיקל אַרבעט, כּפֿתור
ופֿרח, אַן אָ־מ,“. . (שפּאַסיק) אַ גרעאָטן
קינד וואָס דער פֿאָטער גיט זיך מיט אים אַ סו.
אָפּ. ”זײַן אָ־מ, זאָגט אויף אויסנווייניק גאַנצע
קאַפּיטלעך ישעיה“. 4. (שפּאַסיק) אַ זון וואָס
פֿירט זיך אויף שלעכט ווי זײַן פֿאָטער. צ. נ.
גאָלאָמבּ, מלים בלש וני, טו/בּ. 5. וויכטיקע,
אָפּטע באַשעפֿטיקונג. „ווײַטער וועט ער דאָך

אויך שׂכל האָבֿן...באַנקראָטירן; בײַ אים וועט
שוין דאָס זײַן אַן אָ־מ'", יודישער פֿאַר־פּסח.

-

אבֿן — [עוון] דער, ־ים [אַוואָ'נים]. איינער פֿון
די פֿיר קאָלירן אין אַ פּעשל (דעקל, טעשל
קאָרטן; שעל (לעקעך, קאַראָ, בובֿנע). אין
מערבֿ־ייִדיש, ריב, קאַמף קעגן אַזאַרטשפּיל1
בײַ ייִדן, 140.

-

אבֿן — [עוון] = שטיין. 1. ערשטער טייל פֿון
אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן, צונויפֿבינדונגען פֿראַ
'
זעס. 2. ארכ. נירנשטיין אָדער גאַלשטיין.
„גיבֿ אים איין השתּנה פֿון איין אייזל... דאז
טרײַבֿט דען א, דורך", סור, כו. [מנעמאָנישער
סימן פֿאַרן באַשטאַנד פֿון חרוסת: „אבֿן—
ראשית־בֿות: איפּיל [= עפּל], בירן, נוש", מחזור
כּמנהג קהלות אַשכּנזים, סאַלוניקי, שט„ו].

-

אַבֿ נאמן — [אַוו נע'(ע)מאָן] דער. מצ נבֿ.
געטרײַער פֿאָטער. „...איין א, נ, פֿליכטג אינט

צו בזאָרגונג זיינש קינדש,,, מאַרשן, לשון זהבֿ.

-

אבן־בוהן — [ע'וון־בויכן] דער, אַבֿני־... [אַ' וניי־...]. תּח. 1. פּרובירשטיין; האַרטער איידלשטיין, שוואַרצער אַגאַט וואָס מע האָט גענוצט אויסצופּרובירן גאָלד, זילבער און אַנדערע מעטאַלן. [דורך העלקייט פֿון די פּאַסן דערקענט מען די בערכדיקע פּראָבע.] < ישעיה, כח, 16; דאָרטן: פֿעסטער, געפּרוּווטער שטיין. 2. מוסטער, דוגמא פֿאַר כאַראַקטער, פֿאַר אַ גרופּע. מעשׂים וואָס זײַנען אבֿני־בוחן פֿאַר דעם מענטשן; דער מענטש וואָס איז אַן א'־ב, פֿאַר זײַן גאַנצער משפּחה.

--

אבן־גזית — [ע'וון גאָ'זיס] דער, אָבֿני־... [אַווניי־...]. מלכים א, ה, 31.
אַרומגעהאַקטער שטיין, גלאַט נאָר פֿון איין זײַט. אַ בנין פֿון אבֿני־גזית.
אבֿן־גליון — [עוון־גי'ליען] דער. תּח. (ביטולבאַצייכענונג פֿאַר) עוואַנגעליע. < אָון גליון,

שבת, קטז/א, אין ניט־צענזורירטע אויסגאַבעס.
אווע I, 348 [= 'פֿאַלשקייט פֿון ליידיק פּאַפּיר'; שטאַמט פֿון ר, מאירן].

-

אבן־דומם — [עוון־דוי'מעם] דער. מצ נבֿ.
< חבֿקוק, בֿ, 19. שטומער שטיין. שווײַגן,
בלייַבן אָן לשון ווי אַן א'־ד'. אַליין, אָן קינד,
אָן רינד, וו אַן א'־ד'. בלייַבן פֿאַרשטאַרט ווי
י
אַן א'־ד,. ״דער נוף קען זאָגן: פֿון דעם טאָג
...

אבֿנט

וואָס זי [די נשמה] האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון
מיר, ליג איך אין קבֿר ווי אַן א'־ד',,, מהמ II,
42.

אבֿן־המלך [עוון־האַמע'לעך] דער, אַבֿני־...
[אַווניי־...]. תּח. < ש מואל בֿ, יד, 26.
1. 'דעם מלכס געוויכט'; געוויכטשטיין,
קאָנטראָלירט פֿון רעגירונג. ריכטיקע, ערלעכע וואָג.
ער גיט ניט קיין א'־ה'! 2. גאָר שווערער

געוויכטשטיין פֿון אַ פֿוד און מער (
סוחרים,
לשון). „די נײַע דעצימאַלע וואָגן האָבן אונדז
אויסגעלייזט פֿון אַבני־המלך„.

אבֿן הספּיר — ← ספּיר. „זײַן פּנים האָט
אַראָפּגעלויכטן מיטן ליכט פֿון א, ה'“, ייִט.
אבֿן־העזר — [ע'וון־האָע'זער] דער. בֿא.
דריטער טייל פֿון דעם גרויסן הלכה־קאָדעקס
א ר בּ ע ה ט ו ר י ם און אויך פֿון ש ל ח ן
ע ר ו ך , וואו עס זײַנען דאָ די דינים פֿון
מקדש זײַן אַ פֿרוי, פֿון כּתובּה, פֿון גט און
בּכלל וועגן צוזאַמענלעבן פֿון מאַן און פֿרוי.
[דער נאָמען באַטײַט: ,שטיין פֿון הילף', פֿון
שמואל א, ז, 12, מיט אָנצוהערעניש אויף
—עזר כּנגדו', בּראשית, בּ, 18].

אבֿן־השעות — [ע'וון האַשאָ'עס] דער. מצ
נבֿ. שטיין־זייגער. „א'־ה, מיינט אַ זון־זייגער,
אַ שטיין, אויף וועלכן עס איז פֿאַראַן אַ ווײַזער,
און לויט דעם...ווי דער ווײַזער וואַרפֿט דעם
שאָטן ווייסט מען וויפֿל שעה אין טאָג עס איז“,
פּיעט, כּלים, יבֿ, ד.

-

אבּן־השתיה — דזוו אבֿן־שתיה ←.

-

אבּן־זווית — [ע'וון־זאָ'וויס] דער, אַבֿני־... [אַווניי־...]. צבּ אבֿן + זווית [בּאַווירקט פֿון קרן זווית]. ווינקלשטיין, עקשטיין. לייגן דעם א'־ז, פֿון אַ בּית־מדרש, שפּיטאָל, מושבֿ־זקנים. פֿאַרבּעטן חשובֿע לײַט בּײַם לייגן דעם א,־ז,.

אבּן־הומה — [ע'וון־כוי'מע] דער, אַבֿני־... תּח, זן. צבּ אבֿן + חומה [בּאַווירקט פֿון 'אבֿן קיר,, שמואל בּ, ה, 11]. 1. (גרויסער) שטיין פֿון אַ מויערוואַנט, שוצוואַנט. 2. מענטש וואָס מע קען זיך שטיצן אויף אים. וואָס שטיצט, העלפֿט. דער נגיד איז זײַן א'־ח'.

-

אבּן־הסץ —. [ע'וון־כיי'פֿעץ] דער, אַבֿני־... [אַווניי...]. תּח. < ישעיה, נד, 12. ' גלוסטיקער שטיין', 'שטיין פֿון גלוסטונג'. 1. טײַערער שטיין, אבֿן־טובֿ ←. האַנדלען מיט אבֿניחפֿץ. 2. יעדע זאַך וואָס מע גלוסט שטאַרק. ,,גלײַך נאָך דער חתונה איז א'־ח', פֿינף יאָר שפּעטער — רחיים על צוארו, אַ מילשטיין אויפֿן האַלדז".

-

אבנט — [אַ'וונעט] דער, ־ים [אַווניי'טים].
1. ספּעציעלער גאַרטל פֿון לײַוונט איבער די תּכריכים פֿון אַ מת, ווי אַ טייל פֿון די תּכריכים [די נעמען פֿון די באַזונדערע טיילן פֿון תּכריכים זײַנען פֿון די בגדים פֿון כּהן־גדול: מכנסים, מצנפֿת, אבֿנט. ← שמות, כח]. מען איז גולל דעם א, אַרום דעם מת.
2. ברייטער, טײַערער גאַרטל, געשטריקט אָדער געפֿלאָכטן, וואָס די כּהנים האָבן געטראָגן בעת דער עבֿודה [דער א, פֿון כּהן־גדול איז געווען אַנדערש ווי די א'ים פֿון פּשוטע כּהנים. אויך חשובֿע לײַט פֿון ירושלים האָבן געטראָגן אַן א', וואָס איז געווען אַ סימן פֿון מאַכט, גדולה. ← ישעיה, כב, 21; שבת, נט/ב]. *אַ

אבֿן־טובֿ

ייִד ביסקל א, = אַ קאַרגער וואָס רוקט ניט די האַנט אין קעשענע צו געבן אַ נדבֿה.

-

אבן־טוב — [ע'ווּנטאָוו] דער. מצ: א ב נ י ם

ט ו בֿ ו ת [אַוואָנים טויוועס]. < אבֿן טובֿה, אָבֿות, ו, ט; בבא בתרא, י/ב + פֿטמ איבערפֿורעמונג (וואָרעם די גראַמאַטישע פֿאָרעמס פֿון לק וואָס זײַנען געווען לעבעדיק בײַ יִדיש־רעדנדיקע האָבן ניט דערלאָזט אויפֿצוהיטן 'אבֿן, אין לשון נקבֿה). 1. טײַערער שטיין, איידלשטיין; דימענט, בריליאַנט. (אויפֿ)־היטן, (אײַנ)האַלטן, טײַער האַלטן, באַהאַלטן,

אויפֿכאַפּן, אויסכאַפּן ווי אַן א'־ט,; זיך אַרומטראָגן, זיך אַרומפֿירן, זיך פֿרייען, זיך צאַצקען ווי מיט אַן א'־ט'; וואַכן איבער עמעצן (עפּעס) ווי איבער אַן א'־ט.. „אונ, זיין ריד האָבן חן אליש וויא איין א'־ט, דר אַן גאָלד זיצט אין גפֿאסט„, אורחות צדיקים, אמשט, תצ"ה, ס/ב. „הקב"ה האָט געשיקט אַן א'־ט', דער האָט געלײַכט אַז אַ גרויס ליכט", צור, נח. „און דער א'־ט, פֿון יוסף איז געווען שוהם", צור, ויחי. "איך באַדאַרף אַז דו זאָלסט ברענגען אַלערליי דימענטוואַרג, וואָרן איטלעכער א,־ט, האָט אין זיך אַן אַנדער סגולה", נחב 'מעשׂה מחכם'. „אַן א'־ט, לײַכט פֿון זיך אַליין אין דער פֿינצטער", שוו.

,,געהאַנדלט מיט צירונג און אַלערליי אבֿנים
טובֿות‘‘, פּרץ, 'מסירת נפֿש'. 2. סתּם טײַערע
זאַך, גרויסע מציאה; אַלץ וואָס ווערט טײַער
געהאַלטן. פֿאַרצוקערן סחורה ווי אַן א'־ט'.
,,דער בריוו איז געווען אַן א,־ט‘‘, ספּ, סודות.
,,וועטען ווײַזט מען אַזאַ א'־ט [= אַ ווערק],
אויב ניט דעם זיידן?‘‘, שע, ,אויטאָ־דאַ־פֿע'.
אַרײַנכאַפּן (ווי) אַן א'־ט'. 3. גוטער מענטש;
טײַערער (דימענטענער) כאַראַקטער; זייער
געראָטענער (בחור, חתן). מצ: אבֿן־טובֿס.
,,וודאי האָב איך גיהערט דז...אונזר (חבֿר) ער
האָט איין מעכטיגי א,־ט,, כלומר איין חשובֿ
קינד‘‘, נצ1, ג/א. ,,כלה, כלה, מזל־טובֿ, דער
חתן איז אַן א,־ט‘‘, פֿל. ,,ווי זיי האָבן זייער
טײַערן א'־ט, [= קינד] באַהאַנדלט‘‘, יד,
הערשעלע. ,,האָט...אונדזער נגיד...זיך באַרימט אַז ער
האָט דערטאָפּט אַן א'־ט', געהאַנדלט אַ מציאה
פֿאַר זײַן טאָכטער,,, שע, 'אויסגעטרייסלט'. ,,דער
עולם האָט זיך באַלד אַרומגעזעצט אַרום דעם
אורח ווי אַרום אַן א'־ט'...און זיך
אײַנגעהערט צו יעדן וואָרט זײַנס‘‘, אָפּאַ, ,אין וואַלד'.
אבֿן־טוע(י)ן — [עוון־טוי'ען] דער. בא.
> בבֿא מציעא, כח/ב; תּענית, יט/א. שטיין
(און אָרט) אין ירושלים אין די צײַטן פֿון

צווייטן בית־המקדש, וואוהין מע פֿלעגט
ברענגען געפֿונענע זאַכן און די וואָס האָבן
פֿאַרלאָרן פֿלעגן קומען אַהין און אָנגעבן די
סימנים פֿון דער אַבֿידה און זי צוריקקריגן.
אבֿני־אלגבֿיש — [אַווניי אַלגאָ'וויש] די. אצ

נב. מעטעאָרן, שטיינער וואָס פֿאַלן פֿון הימל.
„די שטיינער וואָס פֿלעגן אַמאָל אַראָפּפֿאַלן...
זענען נאַטירלעך געווען אַ־א, — שטיינער
וואַס דער הימל וואַרפֿט זינדיקע לײַט אין קאָפּ
אַרײַן„„ פרץ, 'אין געמויזעכץ'. [< יחזקאל, יג,
11; דאָרטן: האָגלשטיינער; < ברכות, נד/א,
וואו די פֿאַרבינדונג איז מיט יהושע, י, 11;

האָגלשטיינער און מעטעאָרן ווערן איין
באַ□ריף].
אַבני־מרמה — [אַ'ווניי־מי'רמאָ] די. במ. תּח.
זן. < מיכה ו, 11 פֿאַלשע וואָגשטיינער,

גע.

וויכטן. אויך. פֿאַלשע רייד, דריידלעך. זיך לאָזן

.

פֿאַרפֿירן פֿון א'־מ'.

אבֿן־ישׂראל —. [ע'וון־ייִסראָ'על] דער. בא.
< בּראשית, מט, 24. פֿעלדז פֿון ישׂראל (
אויסדרוק צו בּאַצייכענען גאָט, ווי אבּיר־ישׂראל,
אבּיר־יעקבֿ).

אבֿן־כּותל — [ע'וון־קוי'סל] דער. מצ:
אַבֿני... [אַווניי־...] ־ס. צבֿ אבֿן + כּותל [על־פּי
אַנאַלאָגיע מיט אבֿן־קיר; געשאַפֿן אפֿשר ווײַל
'קיר, האָט זיך אַסאָציאירט אויך מיט
הילצערנער וואַנט]. שטיין וואָס מע האָט בּכיוון געלאָזן
לויז, ניט אַרײַנגעמויערט, בּײַם בּויען אַ נײַ
הויז, ווי אַ זכר לחורבּן.

▯

אבֿן מאסו הבּונים — [ע'וון מאָ'אַסו
האַבּוי'נים] פֿראַזע, דער. 'שטיין וואָס די בּויער
האָבּן פֿאַראַכט'. ווערט געניצט צו בּאַצייכענען
אַ מענטשן (זאַך, ענין) וואָס פֿריִער האָט מען
אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט (ניט
אָפּגעשאַצט, געהאַלטן פֿאַר אומוויכטיק, שפֿל) און
איז מיטאַמאָל געוואָרן דערהויבּן, חשובֿ,
ווערדיק. [צווייטע העלפֿט פֿון פּסוק אין תּהליס,

קיח, 22:... היתה לראש פנה. תּי: „דער שטיין וואָס די בּוימײַנסטער האָבּן פֿאַראַכט איז געוואָרן צום הויפּטווינקל“].

-

אבּן מקיר תזעק — [עוון מיקי'ר טי'זאַק] זאַץ, העלפֿט פּסוק, אין חבֿקוק, בּ, 11. אַ שטיין פֿון וואַנט וועט שרײַען (טוט שרײַען). ווערט געניצט בּײַם אָנווײַזן אויף אוממאָראַלישע, שענדלעכע מעשׂים, וואָס זיי רופֿן אַרויס צאָרן, פּראָטעסט, אויפֿרעגונג. אויך: אַן עוולה וועט ניט פֿאַרשוויגן ווערן, אַפֿילו אַ שטומער שטיין וועט עדות זאָגן. „צי ווייסט איר ניט דעם סוד פֿון א, מ, תּ אַ שטיין פֿון דער וואַנט וועט שרײַען“, פּרק, 'ר, נחמנקעס מעשׂיות.

אבֿן משׂכּית — [עוונמאַסקעס] דער, אַבֿני... [אַווניי...]. < ויקרא, כו, 1. שטיינבּילד; געץ אויסגעהאַקט פֿון שטיין. פֿאַרשטעלטער נאָמען פֿאַר פֿיגורן פֿון הייליקע. מע שטעלט זיך ניט אָפּ אין וועג פֿאַר אַן א, מ..

-

אבּן־נגף; — [עוון־נע'געף, עוונע'געף] דער, אַבֿני־... [אַווניי־...]. < ישעיה, ח, 14.

שטרויכלשטיין [דאָס וואָרט גופֿא איז אַ רעזולטאַט פֿון איבערזעצן א'־נ'] תּי 'שטיין פֿון אָנשטויסונג'. שטערונג אין וועג; עפּעס וואָס מע קען בײַ דעם געשטרויכלט ווערן און (דורכ)פֿאַלן. יד ראָמאַן: אבֿן נגף אָדער אַ שטיין אין וועג, ווילנע, 1890. „דער וועטאָאײַנפֿיר איז דער א'־נ, פֿאַר דער פֿאַראייניקטער פֿעלקער אָרגאַניזאַציע“, אפֿא, 'אויף דער

וואָגשאָל'. „די אַגיטאַציע פֿון די אַ□אַבער וואָס האָבן מיט טויזנט קונצן געמאַכט... אַ געפֿערלעכן א'־נ, אויפֿן וועג פֿון יִדישן צוריקקער“, צײַט, אין קאַמף פֿאַך אַ יודישער מלוכה.

אבֿךעזרא —. [עוון־ע'זרע] 1. נאָמען פֿון גרויסן געלערנטן, פֿילאָסאָף, מאַטעמאַטיקער, דיכטער, פּאָפּולאַריזאַטאָר און מפֿרש פֿון תּנך. [ר“ת: ראבֿ“ע. פֿולער נאָמען: ר, אַבֿרהם בּן

אבֿן־שיש־טהור

מאיר. געבוירן אין טאָדעלאָ, שפּאַניע, אַן ערך אין 1089, געלעבט בּיז אַן ערך 1164. אַ סך אַרומגעוואַנדערט, אַריבערגעבּרענגט יִדיש וויסן פֿון ספֿרד קיין צרפֿת, קיין

איטאַליע]. „דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט דאָס
דער א'־ע, איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן,,,
שבחי פֿון אבן־עזרא, לבֿוב. 2. באַוואוסטער
פירוש פֿון ראבֿ“ע אין ראַציאָנאַליסטישן
פֿרײַ,
הייטלעכערן גײַסט, מיט גרויסע שפּראַכלעכע
קענטענישן. „טוט אָן דעם טלית און קוקט
אַרײַן אין א'־ע“, שע, 'אויסגעטרייסלט'.
3. שאַרפֿער קאָפּ, חריף; בעל־שׂכל.

אבן־עזראניק — [עוון־ע'זרעניק] דער, ־עס.
טרוקענער למדן, שאַרפֿער מוח (מיט בײַטעם
פֿון ביטול). „קאַלטע דאַוונער, טרוקענע
לומדים, ליטוואַקעס...מ'רופֿט זיי די א,־ע'ס“, נס,
משפחה מאַשבער I.

אבֿן־פּ(י)נה —. [עוונפּי נע] דער. מצ. אַבֿני־...

.

[אַווניי...], אבֿן פּינות. תּח. < איובֿ, לח, 6;
אבות דרבי נתן, כח. 1. ווינקלשטיין,
גרויסער גרונטשטיין אין ווינקל פֿון פֿונדאַמענט.
2. גרונטפּרינציפּ, יסוד. „דאָס דאָזיקע וואָרט
... איז אַן א'־פּ, אין דעם בנין ההשׂכלה פֿון
מעלת הגשמית על הרוחנית“, לדבֿ.

אבּן־קיר — [ע'וון־קיר] דער, אַבֿני־... >
שמואל בּ, ח, 11. ,שטיין פֿון (אין) וואַנט,. דזוו
אבֿן־כּותל ←.

אבֿנר — [אַ'וונע] יִדישער מעפֿער־נאָמען.
תּנ. ,פֿאָטער פֿון ליכט'. "און אבֿנר איז
געקומען צו דודן קיין חבֿרון", תּי, שמואל בּ,
ג, 20.
אבֿן שאין לה הופֿכין — [ע'וון שעאיי'נלאָ
האָ'פֿכין] פֿראַזע. >סגהדרין יד/א; כּאבֿן...
אַ שטיין וואָס האָט ניט קיין איבּערדרייערס,;
,
שווערער שטיין, ווערט געניצט פֿאַר: 1.
סחורה וואָס עס איז ניטאָ קיין קונה, קיין
בּעלן אויף איר. ,,סחורה האָבּ איך? אבֿן
...האָבּ איך!,,. 2. מיידל, מויד, וואָס עס
זוכט זיך ניט אָפּ קיין חתן מאַר איר. 3.
-

שווערער ענין, האַרבּע פּראָבּלעם, וואָס מע

מײַדט אויס זיך צו פֿאַרטיפֿן אין דעם. „בעסער

וועגן דעם ענין ניט ײִדן, ס'איז אַן אבֿן...“.

אבֿן שואבֿת — [ע'וון שויע'ווּעס] דער. מצ
נבֿ. תּל, תּח. < סנהדרין קז/ב. מאַגנעטישער
שטיין, סתּם מאַגנעט. זיך האַלטן ווי אויף אַן
א, ש'.

-

אבֿן־שיש־טהור — [ע'וון־שאַ'ײַש־טאָ'הער]
דער, אַבֿני־... [אַווניי־...], געוויינטלעך מצ.
< חגיגה, יד/ב. ווײַסער אָדער געלבלעכער
מירמלשטיין. אויך: וואונדערלעכער הימלשער
בוי־מאַטעריאַל אָדער פּאַלאַץ (מיט מיסטישע
אָנצוהערענישן). וואונדערלעכע באַשעפֿענישן,
מלאָכים. ״רבי אליעזר האָט אים מגלה געווען
גרויסע סודות...און אַז ער איז געקומען
צום סוד פֿון אבֿני שיש טהור האָט [ער]
אָנגעהויבן צו וויינען“, נוצ. „זיי זענען
זאַלבעפֿערט געווען אויף יענעם אָרט וואו דאָס
פּאָרל א־ש־ט, האָט ספּינקסן־קעפּ
געבונדן צוויי מיט זיבן אויגן...אויף אַ קאָפּ“,
צײַט, מטטרון. [די שטעל אין חגיגה
איז די באַרימטע מעשׂה מיט די פֿיר וואָס

זײַנען אַרײַן אין פּרדס און ר, עקיבֿא זאָגט

אבֿן־שתיה

צו זײַנע חבֿרים: ווען איר גרייכט צו א,־ש'־ט,
— זאָגט ניט: וואַסער! וואַסער!... רשי מאַכט:
שיש טהור — גלאַנצט ווי קלאָרע וואַסערן].

אבֿן   יה — [ע'וון שע'סיע] דער.
גרויסער שטיין וואָס איז געווען אין קדשי־קדשים
פֿון בית־המקדש און אין דער צײַט פֿון ערשטן
בית איז אויף אים געשטאַנען דער אָרון
מיט די לוחות. [לויט תּלמודישער לעגענדע,
יומא, נד/בֿ, איז דאָס דער אָנהייב־פּונקט פֿון
וועלטבֿאַשאַף, דער צענטער פֿון דער וועלט;
אויך דאָס אָרט פֿון דער עקדה. הייליקער
שטיין אויך בײַ מוכאַמעדאַנער, געפֿינט זיך
אין אָמאַרס מעטשעט]. „גאָט האָט געשטעלט
און האָט געוואָרפֿן דעם א, ש, פֿאַר אַן עק..
שטיין און האָט פֿון אים וועלטן בֿאַשאַפֿן“,
מלרה. אויך שפּאַסיק: „פּורים פּראַוועט מען
א, ש,“, תּח, ווערטל.
אבֿנתא דליבֿא — [אַוואַ'נטע דעליי'בֿאָ] די.
מצ נבֿ. תּח. < מגילה, כד/בֿ. 'דאָס פֿאַרשטיין

פֿון האַרץ'; דאָס אַבּסטראַקטע אָדער
אינטואיטיווע פֿאַרשטיין. ווינציק וואָס הערן פֿון
עפּעס, אָבער באַנעמען עס מיט (אַן) א, ד'.
*אבֿנתּא דליבּא תּליא [... טאַליע] = דאָס
פֿאַרשטיין איז אָפּהענגיק פֿון האַרץ, פֿון
גײַסטיקע ספּעקולאַטיווע פֿעאיקייטן. מאָדיפֿיצירט
פֿון: באבֿנתּא דליבּא תּליא, מגילה, דאָרטן.
-
אכן־תּקומה — [ע'וון־טקו'מע] דער. מצ נבֿ.
תּל. < שבת, סו/ב. שטײנדל, מער־ווײניק
אָוואַל און מיט אַ טונקל קערנדל אין מיטן,
וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ סגולה ניט
מפּיל צו זײַן. אײדעלער אויסדרוק וועגן מפּיל
זײַן: זי האָט קײן א,־ת, ניט געהאַט.

--
אָבֿק — [אָ'וואָק, אָ'וועק] דער. מצ נבֿ. תּנ.
1. שטויבּ. „עס בלײַבּט אָ, און פּראָך און אין
האַרצן אַ בּראָך„ פֿוול. 2. סימן, סליאַד,
,
רעשטל. ס'איז קײן אָ, פֿון דעם ניט
פֿאַרבּליבּן.
אבֿק־גזל — [אַ'וואַ'ק־גע'זע] דער (

געוויינטלעך אָן אַרטיקל). מצ נבֿ. תּח. 'שטויב פֿון
רויבעריַי'; אומדירעקטע, קוים־קוים קאָנטיקע
פֿאָרעם פֿון גזילה [אַז אַן אורח עסט פֿון אַ
מאָלצײַט וואָס איז ניט גענוג פֿאַרן בעל־הבּית
אַליין — איז עס א'־ג'. זען רמבּם, ,הלכות
תּשובֿה']. ,,זיצן אויף קעסט בײַ אַ שווער וואָס
איז פֿאַראָרעמט געוואָרן איז בפּירוש א,־ג'“.

-

אבק ▯ הדרך — [אַוואַ'ק־האַדע'רעך] דער. מצ
נבֿ. צבֿ. שטויב פֿון וועג. נאָך האָבן אויף
זיך דעם א'־ה, — זײַן אָקערשט איצט
געקומען פֿון אַ נסיעה. “איך האָב דעם א,־ה, פֿון
זיך אַראָפּגעשטויבט“, פּה.

אבֿק לשון־הרע — [אַוואַ'ק לאָשן־האָ'רע]
דער (געוויינטלעך אָן אַרטיקל). מצ נבֿ. תּח.
< בבֿא בתרא, קסה/א. 'שטויב פֿון
לשונהרע', אומדירעקטע, קוים־קוים קאָנטיקע
פֿאָרעם פֿון לשון־הרע, [דהײַנו: מע טאָר ניט צו
שטאַרק לויבן אַ מענטשן פֿאַר זײַנע שׂונאים,
כּדי יענע זאָלן, ווי אַ רעאַקציע, ניט נעמען
ריידן שלעבטס וועגן אים. חפֿץ חיים].
,,... גרינגע עבֿירות און ניט קיין האַרבע חס

ושלום, אָדער אין ריידן אַליין, צו ריידן א,
ל׳־ה, און ליצנות און ענלעכס“, תּניא, 31.

אבֿק עבֿודה־זרה — [אַוואַ׳ק אַוואוי׳דע־זאָ׳רע]
דער (געוויינטלעך אָן אַרטיקל). מצ נבֿ. תּח.
< תּוספֿתּא עבֿודה זרה, א, יג. אומדירעקטע
פֿאָרעם פֿון געצנדינסט [דהײַנו: האַנדלען מיט
געצנדינערס אין די טעג פֿאַר זייערער אַ חגא,
□ יך נאָכפֿרעגן וואָס זיי מאַכן בעת אַ חגא אע].
אָבֿק פורה — [אָ׳וואָק פוריי׳אַך] דער. מצ
נבֿ. צבֿ. שטויבֿ וואָס צעשפּרייט זיו; עפּעס
וואָס האָט ניט קיין קיום, קיין ווירקונג.
„זײַנע רייד האָבן ניט קיין ממשות און קיין
□ שפּע
(י)בית — [אַוואַ׳ק רי׳ביס] דער (
געה, ס׳איז אַן אָ, פּ,“.
אבֿק ר
וויינטלעך אָן אַרטיקל). מצ נבֿ. תּח. < בבֿא
מציעא, סא/בֿ. אומדירעקט פּראָצענט־געלט
וואָס איז פֿאַרווערט מדרבנן [מדאורייתא, לויט
דער תּורה (שבכתבֿ) טאָר מען ניט נעמען
פּראָצענט בײַם לײַען געלט; מדרבנן, לויטן

תּלמודישן דין, טאָר מען אויך ניט געניסן
אומדירעקט פֿון קריגן געלט שפּעטער בײַם
קויפֿן־פֿאַרקויפֿן, למשל: אַ צאָל סאה ווייץ
וואָס מע קויפֿט איצט און ווערט צוגעשטעלט
שפּעטער טאָר ניט האָבן קיין אַנדער פּרײַז
אומאָפּהענגיק פֿון דער צײַט פֿון באַצאָלן].

- ▯

אבק שביעית — [אַוואַ'ק שווי'איס] דער
(געוויינטלעך אָן אַרטיקל). מצ נב. תּח. אויך
אבֿקה של שביעית. < ערכין, ל/ב.
אומדירעקטע פֿאָרעם פֿון אָפּהיטן שמיטה [דהײַנו:
וועגן האַנדלען מיט געוויקסן אין אַ
שמיטהיאָר און וואָס צו טאָן מיטן געלט וואָס מע
קריגט בײַם פֿאַרקויפֿן פּירות און גרינסן פֿון
שמיטה־יאָר].

-

אבֿר — [איי'ווער] דער, ־ים [איי'וורים]. תּל.
1. גליד פֿון מענטשלעכן קערפּער, טייל פֿון
קערפּער וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי צום
טייל אַ זעלבשטענדיקע זאַך [לויט תּל איז אַן
אבֿר אַ גליד פֿון קערפּער וואָס האָט ביין,
אָדערן פֿלייש; פֿאַראַן לויטן תּל רמ״ח (248)

,

אבֿרים אַנטקעגן די רמ״ח מצוות־עשׂה און
שס״ה (365) גידין, אָדערן, אַנטקעגן די 365
מצוות..לא־תעשׂה; בּיידע אינאיינעם בּאַטרעפֿן
613, אַנטקעגן די תּרי״ג מצוות פֿון דער תּורה.
מכּות, כג/בּ; אהלות, א, 8. אַ פֿרוי האָט
רנ„כ (252) אבֿרים, בּכורות, מה/□]. „און זי
וועט ניט אויסשטרעקן קיין א, פֿון די א'ים פֿון
איר לײַבּ, נאָר מיט זעלכעס וואָס ציט נאָך זײַן
ווילן״, חה, בּ, 322. „זײַן בּאַגער זאָל זײַן אין
דער געטלעכער תּורה, און אין איר זאָל ער
ריידן...מיט זײַן מויל און אַזוי אויך די הענט
און די אַנדערע א'ים זאָלן מקיים זײַן די
מצוות״, תּניא, 43. *זיך נעמען צו עפּעס מיט אַלע
א'ים = מיטן גאַנצן כּוח, מיט אימפּעט, מיטן
פֿולן ווילן. „...קומט בּאַלד אַרײַן אַ נײַ לעבּן
אין זײַנע אויסגעטריקנטע בּיינער, און ער
נע□ט זיך צו דער אַרבּעט מיט אַלע א'ים״,
ממוס, ,בּישיבֿה של מטה'. *טויט מיט אַלע
א'ים = בּלײַבּן אינגאַנצן אָן בּאַוועגונג פֿון
שרעק אָדער אַן אַנדער סיבּה. ציטערן מיט
אַלע א'ים. *ניט האָבּן קיין גאַנצן א, =
זײַן אָפּגעשוואַכט, אויסגעמוטשעט. „אַליין
אויסגעמוטשעט, אויסגעהאָרעוועט, ניטאָ קיין
גאַנצער א״, ממוס, ,בּישיבֿה של מטה..

*געזונט אויף אַלע א'ים = פֿולקום געזונט,

אַבֿרהם אָבֿינו

שטאַרק. *אָפּלייגן אַן א, = ווען פֿאַרשטײַפֿט, פֿאַרשלאָפֿן, פֿאַרטערפּעט..צעגיין אין אַלע א'ים = האָבֿן זייער אַ גוטן טעם, זײַן אַ מחיה. אַ מאכל עס צעגייט אין אַלע א'ים. 2. טייל פֿון אַ מאַשין, מכשיר. דער א, פֿון זאַצמאַשין וואָס כאַפּט אויף די מאַטריצן. 3. (וועבערײַ) טייל וואָס פֿאַרבֿינדט די צוויי וועבֿ־וועגטלעך. א, פֿון וועבֿשטול. 4. מענלעכער געשלעכטגליד (אייפֿעמיסטיש).
צונויפֿהעפֿטן: אויסשייד־א'ים, פֿאַרדײַ־א'ים, פֿאַרמער־א'ים אאָ.

אבֿר גס — [אייווער גאַס] דער, ־ים □ ינ]I
[אייוואָרים (אייוורים) גאַסים]. תּח. 1.
גראָבֿער אבֿר (געוויינטלעך ווענן גרויסע, גראָבֿע הענט אָדער פֿיס, אָבער אויך וועגן אַלע אַנדערע אבֿרים). אַ גראָבֿער □ יונג מיט א'ים ג'ים. 2. (גרויסע) גראָבֿע תּאווה. ,,אַז דער גוף איז אַ מאָגערער, מע גיט אים ניט נאָך, איז אַפֿילו אויבֿ ער איז אַ בעל־אבֿרים־גסים איז נאָך צו פֿאַרלײַדן,,, לדבֿ.

אבֿר־הגוף — [איי'ווער־האַגוף] דער, אבֿרי־...
[אייווריי...]. תּח. גליד פֿון (מענטשלעכן)
קערפּער. „דער בּפּועל פֿון לעבֿן ווערט
אויסגעדריקט אין אבֿרי־הגוף...ער זעט מיט די
אויגן, הערט מיט די אויערן“, [ר,
יוסף־יצחק שניאורסאָן], קונטרס מג, מאמרים, נ“י,
תּ„ש.

אַבֿרהם — [אַוראָ'האָם, אַוראָ'עם, אַוראָ'ם]
פֿאַרשפּרייטער מענער־נאָמען בּײַ אַלע צווײַגן
פֿון ייִדישן פֿאָלק ← אַבֿרהם אָבֿינו, ← אַבֿרם.
פֿקפֿ: אַבֿרהמל (אַווריעמל), צפֿ: אַווריעמטשיק,
אַווריעמעניו, אַווריעמינקע אאַ. אויך: אבֿרהמקע
(אַווריעמקע). „אַווריעמל — פֿאַרמאַך דײַן
קרעמל“, „אַווריעמל, וואָס האָסטו אין דײַן קרעמל„
— נאָכרופֿענישן פֿאַר אַ ייִנגל וואָס הייסט
אַבֿרהם. [פֿאַראַן אויך בּײַ קריסטלעכע פֿעלקער
און זייער פֿאַרשפּרייט בּײַ מוכאַמעדאַנע].
„...דיא פֿינף טעג אין יאָר דז מן פֿריא אין]

דר שול גיט. דער סימן פֿון דיא פֿינף טעג איז אַבֿרהם — דאש זיינן דיא פֿינף הינטרשטי אותיות פֿון דיא פֿינף צײַטן: הושענה־רבּא, תּשעה־באבֿ, יום־כּפּור, ראָש־השנה, פּורים", ,,הדרת קודש", מחזור, חלק ראשון, כּמנחנ יהם, ול־ן מעהרין ורייסן, אמשט, תּק"י].

אַבֿרהם אָבֿינו — [אַוורא'האָם אָווי'נו]
ערשטער שטאַמפֿאָטער פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער חומש (בּראשית, יא, 26 — כּה, 18) פֿאַרנעמט זיך מיט זײַן לעבנס־געשיכטע און גיס אַ בּרייט בּילד פֿון אַן אידעאָלן מענטשן און פֿירער. דער ערשטער וואָס האָט דערקענט גאָט אין זײַן אייגנאייניציקייט, ווי דעם בּאַשאַפֿער, דעם פֿירער און דעם שופֿט פֿון דער וועלט. אַ, אָ, איז דער גרינדער פֿון ייִדישן גלויבּן און דער וואָס מיט אים שליסט גאָט דעם אָפּמאַך אויף דור־דורות און זאָגט אים צו דאָס לאַנד וואו ער וואוינט (כּנען). אין דער אגדה (←) ווערט אויסגעבּרייטערט דער ציקל סיפּורים אַרום אַבֿרהם און ער ווערט אויך געשילדערט ווי אַ גרויסער פֿילאָסאָף, ווי אַ צדיק מיט די שענסטע מענטשלעכע מידות, ווי אַ פֿאַרשפּרייטער פֿון

מאָנאָטעאיזם. די קבלה שטעלט אים פֿאָר ווי איר

אַבֿרהם בן אַבֿרהם

גרינדער און דעם מחבר פֿון ספֿר יצירה.
די תּנכישע און נאָכתּנכישע
פֿאָרשטעלונגען וועגן אַ, אָ, גיבן אַן אַרײַנבליק
אין אידעאַלן פֿון פֿאָלק גופֿא. באַזונדער
אַרויסגעהויבן זײַנען די פֿאָרשטעלונגעו וועגן
אַ, אָ'ס אומענדלעכער איבערגעגעבנקייט צו
גאָט (די מעשׂה מיט דער עקדה), זײַן קאַמף
קעגן געצן (די מעשׂיות מיט נמרו□), זײַן
דראַנג צו גערעכטיקייט (דאָס בעטן פֿאַר סדום)
און זײַן גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט. „איי [= איידער]
גאָט האָט באַשאַפֿן אַלע ווערק, האָט גאָט
געטראַכט אין זײַנע געדאַנקען צו באַשאַפֿן
אַ, אָ, וואָס ער ווערט אָנגערופֿן צור“, מלרה,
יג/ב. *אַ מכניס־אורח ווי אַ, אָ'. *אַ, אָ'ס
טירן — פֿרײַע, אָפֿענע, פֿון אַלע זײַטן. *זיך

אַרומטראָגן ווי אַ, אָ, מיט דער מילה =
כּסדר זיך אַרומטראָגן מיט עפּעס. *זיך
איבערנעמען ווי אַ, אָ, מיט דער מילה = כּסדר
דערמאָנען אַ כלומרשטן אויפֿטו.

אַבּרהם בּן אַבּרהם —, [אַווראָ'האָם בּען...] טראַדיציאָנעלער נאָמען פֿאַר יעדן גר וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון זײַן אמונה, טרעט אַרײַן אין בּרית של אַבֿרהם און גלידערט זיך אײַן אין ייִדישן פֿאָלק.

אבֿר (ה)מדולדל — [איי'ווער (האַ)מעדו'לדל] דער, ־ס, אבֿרים מדולדלים [אייוואָר'ים מעדולדאָלים]. תּח. < חולין, עו/בּ. גליד וואָס האַלט זיך קוים אויפֿן קערפּער, כּמעט אינגאַנצן אָפּגעשניטן (אָפּגעריסן). 2. עמעצער וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון זײַן קרײַז, סבֿיבֿה, משפּחה. „ער האָט קיינמאָל ניט געהערט צו אונדזער גרופּע, תּמיד געווען אַן א, מ'„. „די פֿאַלאַשן... זאָלן ניט זײַן קיין א, המ, פֿון ייִדישן פֿאָלק“, טמז, 27 IX 1958.

אבֿר־המין — [אייווער האַמיח דער, אבֿרי... [איי וואָ'ריי...]. געשלעכט־אָרגאַן (פֿון מאַן אָדער פֿרוי).

אַבֿרהמס צוואָה — נאָמען פֿון איינעם פֿון די ספֿרים חיצונים [בּאַשרײַבּט די לעצטע טעג פֿון אַבֿרהם אָבֿינו, אויפֿגעהיט (פֿון 2טן יה פֿאַר אָנגענומענער צײַטרעכענונג) אין גריכיש און עטלעכע אָריענטאַלישע שפּראַכן].

אַבֿרהמעלע מלמד — [אַוורע'מעלע מעלאַמעד]
פֿראַזע. מלמד וואָס איז אַן אומבאַהאָלפֿענער,
אַ שלימזל; סתּם אומבאַהאָלפֿענער, שלימזל,
נאַרישעוואַטער. [אויפֿן סמך פֿון פֿל „
אַבֿרהמעלע מלמד"...].

אבֿר־המשגל — [איי'ווער־האַמי'שג] דער.
מצ נבֿ. תּח. < כּוזרי, ג. א. 'גליד פֿאַרן
פֿאַרקער'; דזוו אבֿר קטן. „אויף [דעם]
געצעלט...פֿון היאַצינטן־קאָליר איז געשטאַנען
אַן א־המ, פֿון עלעפֿאַנט־ביין, איינגעפֿאַסט אין
בריל אַנטן", אַמעריקאַנער, 20 1958 I. אויך:
י

אבֿר־(ה)תּשמיש [...(האַ)טאַ'שמיש]. „נעם
דש געלי פֿון איין גיבראַטין איי...און, שמיר
דאַמיט דש א, ת'", סור, ל.

אבֿר היצוני — [איי'ווער כיצוי'ני] דער, ־ים
־נים [אייוו'אָרים, איי'וורים כיצוינים]. תּח.
1. דרויסנדיקער אבֿר, (האַנט, פֿוס לגבי האַרץ,
נירן). 2. בייזאַך, דרויסנדיקע פֿאָרעם. „דאָס
איז אַלץ צו א'ים ח'ים פֿון דער זאַך, ניט די
זאַך בעצם מהותה„, לדבֿ.

-

אבּרימוויִז — [איי'וורימוויִז] אַדוו.
גלידערוויִז; אבֿר נאָך אבֿר; מדרגהוויִז, בּיסלעכוויִז.
צעהרגענען, צעמזיקן א.. צענעמען אַ מאַשין
א.. "כאַפּט ער מיו און צעבּרעכט ער מיך א,",
פּרץ. ,,...שטיקלעך שפּיגלגלאָז וואו דאָס פֿאָלק
זעט זיו א'", שנ, יִוענן יודישע שרײַבּער I.

-

אַבּרך — [אָוורעך] דער. מצ 7 תּח. < בּראשית,
מא, 43. 1. יונגערמאַן וואָס קען גוט לערנען
(לויטן אויסטײַטש פֿון ספֿרי, דבֿרים, א: 'אָבֿ
בּחכמה ורך בּשנים'). 2. יונגער בּאַלעבּעסל
פֿון אַ יחוסדיקער משפּחה וואָס פֿאַרנעמט זיך
מיט לערנען. אַן אַ, וואָס האָס שוין צוויי
קינדערלעך.
אַבֿרכה — [אַווראָ'כע] די, ־כות. אויפֿן משקל
פֿון אזכּרה. בּענטשונג, לויבּונג צו גאָט.
רעליגיעזע צערעמאָניע לכּבֿוד אַ נס, אַ גליק פֿאַר

ייִדן, אַ פֿריידיקער דאַטע. אָפּריכטן אַן אַ, = צונויפֿקומען זיך און זאָגן (זינגען) ספּעציעלע תּפֿילות און ריידן וועגן דער פּאַסירונג. אַ'ות ה, בּאייר אין מדינת ישׂראל און אין די תּפֿוצות. אַ, לכּבֿוד דער אַנטשטייאונג פֿון מדינת־ישׂראל.

אַבּרכטע — [אַוורעכטע] די, ־ס. < אַבֿרך ←. תּח. יונג ווײַבּל פֿון אַן אַבֿרך, בּ2. די אַ, איז אויף־דער־צײַט.

אַבֿרך משי — [אַ'וורעך מע'שי] דער. מצ גכּ. זײַדענער יונגערמאַן(טשיק). [א, מ, איז אַ גוטמוטיקע, האַלבּ־איראָנישע פֿאַר־לשון־קודשונג פֿון ייִדישן אויסדרוק]. „ער איז טאַקע אַן א, מ', אָבּער שפּײַזן ווײַבּ און קינדער קען ער ניט“.

אַבֿרם — [אַוורא'ם] אַבֿרהם אָבֿינוס נאָמען, איידער ער איז געבּיטן געוואָרן. „און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרמען: גיי דיר פֿון דײַן לאַנד...“, תּי, בּראשית, יבּ, 1. „און דײַן נאָמען זאָל מער ניט גערופֿן ווערן אַבֿרם, נאָר דײַן נאָמען זאָל זײַן אַבֿרהס, וואָרעם

פֿאַר דעם פֿאָטער פֿון אַ סך פֿעלקער האָב איך דיך געמאַכט", דאָרטן, יז, 5.

אבֿר מן ההי — [איי'ווער מין האַכאַ'י] דער, אבֿרים [אייוורים] מן החי; תּל. 1. גליד אָדער שטיק פֿלייש, אויסגעשניטן פֿון אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש [מע טאָר עס ניט עסן, חולין, קא, קב אאַ; אויך אַ בן־נח טאָר עס (צום טייל) ניט עסן]. 2. עמעץ (עפּעס) וואָס איז צאַפּלדיק געבונדן מיט אַ גרעסערער זאַך, גרופּע. „דעם פּונקט טאָר מען פֿון פּראָגראַם ניט אַרויסלאָזן, עס איז אַן א, מן החי".

אבֿר קטן — [איי'ווער קאָטן] דער, ־ס, אבֿרים [איי'וורים, אַוואָ'רים] קטנים [קטאַנים]. תּל. מענלעכער געשלעכט־גליד. 'אבֿר קטן יש לאדם: מרעיבֿו שבֿע, משׂביעו רעבֿ, (סוכּה, נבֿ/בֿ) „אַן א, ק, האָט דער מענטש: הונגערט ער אים אויס — איז ער זאַט, זעטיקט ער אים — איז ער הונגעריק„. [אין סנהדרין, קז/א, איז די גירסא אַ ביסל אַנדערש].

אָ־ בשמים — [אָוו־שעבֿאַשאָמאַ'ייִם] דער. 'פֿאָטער וואָס אין הימל', גאָט. געוויינטלעך: אָבֿינו שבשמים ←. „...מיט ייִדישקייטס פֿאַרוואַלגערטע שיריים, מיט חלום ייִדישן און

אַגאַטיזירן

יִדישן געוואַלד צו גאָט דעם פֿאָטער, צו דעם אָ,־ש,״, צײַט, 'דנאָען'.

אַבֿשלום — [אַווּשאָ'לעם] יִדישער מענערנאָמען. תּנ. 'פֿאָטער פֿון פֿרידן,. נאָמען פֿון דוד המלכס דריסן זון וואָס האָט געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד קעגן פֿאָטער, איז דערהרגעט געוואָרן פֿון יואָבֿן און דער פֿאָטער האָט אויף אים געקלאָגט. (שמואל בּ, ט□—יט). „דער מלך...האָט געוויינט, און גייענדיק האָט ער אַזוי געזאָגט: מײַן זון, אַ„ זון מײַנער, אַ, מײַן זון!״, תּי, שמואל בּ, יט, 1. נאָמען פֿון הויפּט, העלד אין א. גאָלדפֿאַדענס פּאָפּולערער אָפּערעטע שולמית. אידענטיש מיטן נאָמען ש ל ו ם

אַג — [לאַנגער וואָקאַל] דאָס, ־ן. אויג, אין מערבֿ־יִדיש. □tבּ, יא/בּ: אַגין; □tבּ, כז/בּ: אַגין בּליק = אויגנבּליק. „,...מיט אונזרי מויל רידן דש אונזיר אַגין ניט האבּן גיזעהין״, גה, 235. „אַלע אַגנבּליק אַ אַנדערע גזירה„„ טענדלאַו, 753. פֿון על: „די אַגע גרעסער ווי דער מאַגע״ = ווען אַ סך, האָבּן גרויסע אויגן.

א״ג — ר״ת פֿון: אַדוני גיסי, אור גדול, אין גורסים, אַל ג(י)בּור.

אַ"ג — ר"ת: אַזוי גערופֿענע.

אַגאַ, אַגע — דער, ־ס. < איי < טערקיש.
טערקישער טיטל פֿאַר העכערע באַאַמטע, איצט
געוויינטלעך פֿאַר אָפֿיצירן פֿון נידעריקערן
ראַנג. „איך זאָל איבערגעבן די קאָמאַנדע...
[דעם] אַגע", איסטאָריע II.

אַגאָגיק — די. מצ נב. < איי < גר. לערע
וועגן בײַטן טעמפּאָ, אַקצענטירונג אין מוזיק,
כּדי צוצוגעבן פֿרייליעכקייט. אַדי: ־גיש.

אָגאָוואָרקע — די, ־ס. רוסיצ. 1. טעות
בײַם רעדן. "איך האָב עס נישט געמיינט, עס
האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ מיר אַן אָ'".
2. צוגאָב, הוספֿה; אויסבעסערונג,
תּיקונסעות. „איך בעט נאָך אַ מאָל דאָס וואָרט, ווײַל
איך דאַרף מאַכן אַן אָ, צו דעם וואָס איך האָב
שוין געזאָגט".

אָגאַווע — די, ס. (באָטאַניק) געוויקס אָן אַ
שטאַם מיט גרויסע
שטעכיקע בלעטער □ מיט
אַ שטענגל אין פֿאָרעם
פֿון אַ קאַנדעלאַכּרע.
פֿאַרשפּרייט אין
אַמעריקע. [מעקסיקאַנער עסן
די יונגע בלעטער □ פֿון

די אָדערן ווערן
געמאַכט פֿעסטע געוועבן,
שטריק, בערשטלעך].
„אַ'ס קלייַבן אַ גאַנץ לעבן...כּוח כּדי צו בלײַען
און צו געבן פֿרוכט„, אַ. גאָלאָמב, איבז, ב.
באָטש, געוויקסן. Agave ame icana.
אַגאַ'ט —. דער, ־ן. < איי < גר. 1. מין
באַרגקרישטאָל אָדער כאַלקעדאָן, וואו די
פֿאַרשיידענע קאָלירן קומען אין פּאַסן. ווערט באַנוצט
ווי אַ צירונג. „און די אויגן פֿון די פֿרויען פֿון
פֿײַער און אַ'", אַנאַ מאַרגאַלין. 2. קײַקעלע
פֿון גלאָז, ענלעך צו אַגאַט (פֿאַר קינדער צו
שפּילן זיך). 3. ספּעציעלער מין דרוק־שריפֿט,
5 פּונקטן.
אַגאַטיזירן — טרוו. ־זיר, אַגאַטיזירט. 1. מאַכן
ס'זאָל אויסזען ווי אַן אַגאַט; פּאָלירו;

אַגאַטיס

אויספֿאַרבן גלאָז מיט פֿאַרשיידענע קאָלירן.
2. אויסטײַטשן צום גוטן. [פֿון דעם זעלביקן
גר שורש].
אַגאַטיס — דער, ־ן. אויסטראַלישער
נאָדלבוים, הויך און דיק. שטאַמט פֿון נײַ־זעלאַנד,

וואַקסט אין אַפֿריקע, אינדיע, מאַלאַאישן
אַרכיפּעלאַג. Agathis austra1is.
אַגאַטן — אַדי. וואָס איז פֿון אַגאַט,
אַגאַטענע קנעפּלעך.
אַגאַטשטיין — דער, ־ער. דזוו אַגאַט, בּ1.
אַגאַ'ל — אַדי. לד. דזוו עגאַ'ל, גלײַך. מיר
זײַנען אַ'ע יחסנים. ס'איז מיר גאַנץ אַ', וואָס
ער וועט זאָגן (טאָן אאַזוו) = עס איז מיר
אַלצאיינס; עס אַרט מיך ניט.
אַגאַ'ל — דער, ־ן. א„י. < אַראַבּיש. רונדער
שנור וואָס האַלט די קעפֿיע פֿעסט אויפֿן קאָפּ.
„דאַן האָט...אַ פּאַסטעך...אין אַ בּרודיק־געלער
אַבּאַיע, מיט אַ פֿאַרשטויבּטן דיק־אָנגעדרייטן
עגל [= אַגאַל] (אַ שוואַרצער, וואָלענער בּייגל)
אויפֿן קאָפּ...“, א. ראובֿני, אונטערן וואַנט
[ירושלים, 1912?]. „הערט זיך שוין דאָס
בּיטער קלאָגן פֿון די דאָרשטיקע שאַקאַלן,
נעמען וועכטער די קעפֿיעס און אַ'ן“, אפֿא,
קאַראַוואַנען.
אַגאַמאָגענע'זיס — דער, ־ן. < איי < גר.
אויך: אַגאַ'ם, דער, ־ען. אויך: ־גענעזע,
די, ־ס. (בּיִאָלאָגיע) אַסעקסועלע פֿאַרמערונג.
אדי: ־נעטיש.
אַגאַמי — די, ־ס פֿויגל אין דרום אַמעריקע;

שפּרײַזט אָדער לויפֿט,
שלעכטער פֿליִער. הייסט
אויך: ט ר ו מ י י ט ן־פֿויגל
[ווערט דרעסירט ווי אַ
שומר פֿון שעפּסן, ציגן].
שטאַמט פֿון דרום
אַמעריקע. PsoPhia crePitans

אַגאַמיש — אַדי. אַסעקסועל; וואָס באַצייכנט,
באַציט זיך צו פֿאַרמערונג אָן סעקסועלער
פֿאַרבינדונג.

אַגאַמע — די, ־ס. (זאָאָלאָגיע) מין
יאַשטשערקע, וואָס נערט זיך
מיט אינזעקטן און
גראָזן; עטלעכע מינים
בײַטן זייערע קאָלירן.
לעבט אין דער 'אַלטער
וועלט'. Agami(1ae.

אַגאָ'ן — דער, ־ען. < איי < גר פֿאַרמעסט,
קאָנטעסט אין ספּאָרט (אויך אין מוזיק און
ליטעראַטור) בײַ פֿײַערלעכע פֿאָלקס־
צונויפֿקומען אין אַלטן גריכנלאַנד.

אַגאָניזירן — טרוו. ־זיר, אַגאָניזירט. < דײַטש

< פֿר. פּײַניקן; אָנטאָן פֿיזישע אָדער גײַסטיקע יסורים.

אַגאָניע — די, ־ס. < איי < גר. 1. גסיסה; יסורים פֿאַרן טויט. ראַנגלעניש מיטן טויט. 2. בּכלל איבערלעבעניש פֿון גרויסע פֿיזישע אָדער גײַסטיקע יסורים.

אַגאָניש — אדי. < איי < גר. (מאַטעמאַטיק) וואָס שאַפֿט ניט קיין ווינקל. אַ'ע ליניע = ליניע וואָס פֿאַרבינדט אַלע פּונקטן, וואו ס'איז ניטאָ קיין אָפּווײַך צווישן דער ליניע וואָס פֿאַרבינדט דעם פּונקט מיטן געאָגראַפֿישן פּאָלוס

און דער ליניע וואָס פֿאַרבינדט דעם פּונקט מיסן מאַגנעטישן פּאָלוס.

אָגאָנעק — דער, ־אָנקעס. < פּויל. 1. עק(ל) פֿון חיה(לע), [געניצט בײַ פּעלצוואַרג, ווי באַפּוצונג פֿאַר אַ שטרײַמל]. „...מײַן פֿאָטער האָט שוין אויך געקויפֿט...איין פֿײַנע שטרײַמל, זייער שיינע אָ'עס“, מסדר אגרת, תּקפּ„ה. „דאָס שטרײַמל דער ווערעך וואַר סאַמעט און אונטן באַלייגט מיט סויבּלנע אָ'עס...“, אמד. 2. ריי, אָטשערע(ד); ווען איינער שטייט

הינטער דעם אַנדערן בײַם קויפֿן, וואַרטן אין
אַן אַמט אע. שטיין אין אָ, נאָך בּרויט. אויך:
אָגאָנקע.
אַגאַפּאַנטוס — דער, ־ן.
< איי < גר. מין
ליליעגעוויקס אין אַפֿריקע מיט
בּלויע און פּורפּלנע
בּלומען. AgaPanthus a1□i־
-
□1]ו□[□).
אַגאַפּע — די, ס. < איי < גר. קאָמונאַלע
סעודה בײַ די ערשטע קריסטן [מיט תּפֿילה,
געזאַנג, צדקה].
אַגאַר — דער, ־ן. < איי < מאַלאַאיש. אויך:
אַגאַר־אַגאַר. אויסגעטריקנטער
קאָלאָידאַלער שטאָף (סובּסטאַנץ) וואָס מע קריגט
אַרויס פֿון אַ געוויקס אין מזרח־אינדישן ים
און ווערט גענוצט צו מאַכן זופּן,
זשעלאַטינען, קלײַ, מעדיצין (אָפּפֿיר־מיטל). אין
באַקטעריאָלאָגיע אָפּט גענוצטער מאַטעריאַל צו
האָדעווען קאָלאָניעס פֿון באַקטעריעס. „ווייקט
אָן אַ אַ, אין אַ גלאָז הייסע וואַסער...קאָכט
□'

עס אויף“, מישולאָוו, וועגעט, קאָכבוך, נ„י 1926.
אָגאַר — דער, ־עס. פּד. < פּויל. געיעגהונט.
מיטנעמען אויף דעם
געיעג דעם אָ„.
אָגאָראָ'ד — דער, ־ן.
< רוס. אויך: (אָ)
האָראָד. < וור.
גרינסגאָרטן. „פֿון אָ, האָט מען געהאַט קאַרטאָפֿל
און קרויט אויף אַ גאַנצן ווינטער“.
אָגאָראָדניק — דער, ־עס. ווג. ־ניטשקע, ־ניצע,
־ס. < סל. 1. בעל־הבית פֿון גרינסגאָרטן
אָדער דער וואָס גערטנערײַ איז זײַן מלאָכה.
2 פּאַרקויפֿער פֿון גרינסן.
.
אָגאָראָדען, ־דז(י)ען, ־דזשען —. טרוו.
אָגאָראָדע ־דז(י)ע, ־דזשע; אָגאָראָדעט, ־דז(י)עט,
־דזשעט. סל. אַרומצוימען (גאָרטן, קאָשאַרע
אע).
אָגאָראָזשע — די, ־ס. סל. אַרומצוימונג
פֿון דרענגלעך (אַרום אַ קאָשאַרע, סקירדעס
היי, ליידיקן פּלאַץ).
אַגאָראַפֿאָביִע — די, ־ס. < איי < גר.
(פּסיכיאַטריע). קרענקלעכע מורא צו זײַן אויף
אַן אָפֿענעם פּלאַץ.

אַגאַריק — דער, ־עס. < איי < ל, גר. שוועמל
מיט ברוינע ספּאָרן פֿון
דעם מין Agaricus
(אַהערצו געהערט דאָס
שוועמל וואָס מע קען
עסן Aga]Cus cam־

צ י ט ר ו נ י,, .(]estris
קרויט, לוננין קרויט, לעביר קרויט...אונ,

אַגבֿדיק

אַגאַריקוס איטליכש איין לויט,...קליין גשניטן
אונ, גישטויסן" [ווי אַ מיטל קעגן קורצן אָטעם],
סור, כב.
אַגאָרע — די, ־ס. < איי < גר.
פֿאַרזאַמלונג; פֿאַרזאַמלונג־אָרט, ספּעציעל מאַרקפּלאַץ
אין אַלט־גריכישע שטעט, וואו מע פֿלעגט
זיך צונויפֿקומען אויף פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען.
אַגבֿ — [אַ'געוו] תּל. 1. זוו [איז אין תּוך
אַ זאַך פֿאַר זיך און ניט קיין גליד פֿון אַ זאַך;
קומט ס'רובֿ אין אָנהייב פֿון אַ זאַך, קען
אָפּגעטיילט ווערן מיט אַ קאָמע]. איבעריקנס;

בײַ דער געלעגנהייט ווערט געזאָגט;
פֿאַרבײַגייענדיק ווערט צוגעגעבן; זיך דערמאָנענדיק
איז מען מוסיף. „איך האָב אים שוין לאַנג
ניט געזען. אַ', וואָס מאַכט ער?“ „אַ, איז
דאָס אַ פּעולה אַפֿילו פֿאַר דעם למדן, ווײַל
ס'איז געזאָגט אויף מוטערשפּראַך“, פּו□קח
עורים, שקלאָוו, 1832, הקדמה. „אַ, איז נאָך
אין יענער צײַט די באַן געווען אַ נײַס“, שע,
קליינע מענטשעלעך. 2. קאָנ. אויך, און אויך
[ווי אַ צוגאָב וואָס קומט אויף פֿאַרבײַגייענדיק,
לויט אַ געוויסער, צופֿעליקער אַסאָצ אַציע פֿון
געדאַנק, אָדער וואָס איז ניט ערשטיק, ניט
וויכטיק פֿאַרן ענין]. דאָס איז אַ, קעגן אײַערע
אינטערעסן. „מאַכט [ער] זיך זײַן השערה
דערווײַל, איידער 'די נאָז, וועט זיך באַרואיקן
און איז 'זי, מכבד אַ, מיט אַ שמעק טאַבעקע“,
ממוס, ווינטשפֿ. „אַ, פֿלעגט דער טאַטעשי
שענער פֿון דיר דערציילן די מעשׂיות פֿון
רבין„, דא, ,צערונענע טרוימען'. „שטימט מיט
זײַן אייגענעם, אַ, מטושטשן כאַראַקטער„, שנ,
ה. לייוויק. אַ ג ב̄ א ו י ך = פֿאַרטאָפּלונג
און פֿאַרשטאַרקונג. דאָס איז אַגב̄ אויך קעגן
אײַערע אינטערעסן.

-

אַגבֿI.אורהא — [אַגעוואו'רכע] זוו & אַדוו. תּל.
פֿאַר־איין־וועגס, אין־איין־וועגס;
פֿאַרבײַגייענדיק; בײַ דער געלעגנהייט (ווי אַ זײַטיקער
צוגאָבֿ צו דעם ענין). אַ'־א', האָסטו אים
געזען? אַ'־א', פֿאַרגעסט ניט צו טאָן. אַ'־א,
לערנען נאָך עפּעס. ,,איך וויל אַ'־א, פֿאַרריכטן
עטלעכע זאַכן וואָס ער האָט געשריבֿן ניט
אמת,,, ממוס. ,,דאָס אַלץ האָבֿ איך נאָר
דערציילט אַ'־א'", פּרץ, ,יוחנן מלמדס מעשׂהלעך,.
,,וועגן דעם איז דאָך געווען גענוג צו ריידן
אַ'־א'", בּערג, נאָך אַלעמען I.

-

אגבֿ־אורהאדיק — [אַגעוואו'רכעדיק] אַדי.
וואָס עס איז אַגבֿ־אורחא, פֿ◌ ◌רבײַגייענדיק; זיך
ניט אָפּשטעלנדיק גענוי; צופֿעליק, זײַטיק. אַ'־
א'ע רייד, באַמערקונגען, אָנווײַזונגען. ,,איך קאָן
אַרויסקוועטשן פֿון אים אַלץ וואָס איר דאַרפֿט,
און דווקא צופֿעליק, אַ'־א'", שע.

--

אגבֿ־אורהאדיקייט — [אַגעוואו'רכעדיקייט]
די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַגבֿ־אורחאדיק. אַ'־א, קען זײַן אַ סיסטעם אין
לערנען.

--

אַגבֿ גררא — [אַגעוו־גראָ'רע] אַדוו פֿראַזע.
תּל. < בּבֿא מציעא, ד/בּ. אַגבֿ־אורחא,
פֿאַרבײַגייענדיק; בּײַ דער געלעגנהייט. נעמען
(דערמאָנען) עפּעס בלויז אַ, ג'.

-

אַגבּדיק — [אַ'געוודיק] אַדי. פֿאַרבײַגייענדיק;
וואָס ווערט דערמאָנט בשײַכות מיט אַן אַנדער

אַגבֿדיקייט

ענין; וואָס קומט אויף ווי אַ רעזולטאַט פֿון
עפּעס אַן אַסאָציאירונג. דערמאָנען (זאָגן)
עפּעס אַ'. „וואַרפֿט זיך מיר דורך גאַנץ

צופֿעליק און אַ, אין אַ בוך,,..

▯

אַגבדיקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַגבֿדיק. די
כלומרשטע א, פֿון זײַנע באַמערקונגען (
שטעכווערטלעך).

▯ ▯

אגבּ הורסא — [אַ'געוו כור'פֿע] אַדוו פֿראַזע.
תּל. איבּער שאַרפֿקייט (שאַרפֿזיניקייט,
חריפֿות). אַ, ח, פֿאַלט מען (אַמאָל נאָך גיכער)
אַרײַן. אַגבֿ חורפֿיה לא עיין בּה = איבּער
(זײַן) שאַרפֿקייט האָט ער ניט געננוג שטודירט,
בּבֿא בתרא, קטז/בּ, עירובֿין, צ/א.]
אַרויסגערעדט מיט אַ פֿ (הגם טעאָרעטיש ריכטיק דאַרף
זײַן אַ פּ), ווײַל עס בינדט זיך מיט: חריף,
חריפֿות].

-

אַגכ קרקע — [אַ'געוו קאַ'רקע] פֿראַזע. תּל. בּבֿא

מציעא, א/ב, מו/א. 'אינאײנעם מיטן באָדן', דה קונה זײַן מטלטלין, אינווענטאַר, באַוועגלעכע גיטער, צוזאַמען מיטן קונה זײַן די קרקע, דעם באָדן [ווען מע קויפֿט אַ זאַך, גייט ז אַריבער אין אייגנטום פֿון קויפֿער
י
דורך משיכה (←), דורך אַ פּראָצעדור פֿון קנין (←); אָבער ווען מע קויפֿט באָדן, האָט מען דורך דעם קנין פֿון באָדן אויך קונה געווען, באַקומען אין אייגנטום, די מטלטלין].

אגד — [ע'געד] דער. בא. א"י. גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אויטאָבוסן־געזעלשאַפֿט אין ארץ־ישׂראל פֿאַרן מיטן א, קיין ירושלים. „א,

דערלייגט דער באָבעס ירושה", פֿוול.

אַגדה — [אַגאָ'דע] די, (ב2) ־דות. תּל. 1. דער טייל תּלמוד (און אויך פֿון נאָכתּלמודישער ליטעראַטור) וואָס פֿאַרנעמט זיך ניט מיט דינים, מיט הלכה, נאָר מיט אויסטײַטשן פּסוקים, ברענגען משלים, לעגענדעס און שפּרוכן. אַ, האָט צו טאָן מיט ענינים פֿון עטיק, מאָראַל, מענטשלעכע מידות, פּירונגען אין דער וועלט, מיט היסטאָרישע און פֿאַנטאַסטישע פּאַסירונגען; מיט העלדן, גדולים

אע; מיט דערהויבענע אַלעגאָרישע
אָנדײַטונגען און רמזים וועגן גאָט און וועלטבאַשאַף,
מיט ברענגען טרייסט דעם כלל און דעם יחיד.
אין אַ, קען מען געפֿינען פֿאָלקס־
פֿאָרשטעלונגען און גלייבונגען וואָס מע האָט
איבערגענומען פֿון דער פֿרעמד (שדים, פֿאַרשיידענע
סגולות אא) א, קען פֿאַרשטאַנען וערן ווי אַן
.
אייגנאַרטיקע זאַמלונג פֿון פֿאָלקלאָר און
שפּליטערס פֿון יהידישע שאַפֿונגען. ,,ווילסטו
דערקענען דעם וואָס דורך זײַן וואָרט איז די
וועלט באַשאַפֿן געוואָרן — לערן אַ'!", איבז,
ספֿרי, עקב. ,,א, איז די עיקרדיקע
ליטעראַרישע פֿאָרעם וואָס האָט געהערשט
הונדערטער יאָרן אין דער וועלט פֿון פֿרײַער
פֿאָלקישער און יהידישער שאַפֿונג פֿון ייִדישן
פֿאָלק...ס'איז ניטאָ קיין איין ווינקל פֿון
מענטשלעכער מחשבֿה און געפֿיל, וואוהין די
אַ, זאָל ניט האָבן אַרײַנגעדרונגען", איבז פֿון
הקדמה צו ספֿר האגדה, ביאַליק & ראַווניצקי.
הלכה און אַ,. לערנען אַ'. 2. יעדער
באַזונדערער איינס פֿון דער אַגדה, דערעיקר אַ

לעגענדע, מעשׂה, מעשׂהלע. 3. דזוו הגדה.
די פסחדיקע אַ'. די אַ, פֿון סדר(־נאַכט).
אַגדהש — [אַגאָ'דעש] אַדי. וואָס איז פֿון דער
אַגדה; וואָס האָט אַ שײַכות צו, איז ווי די
אַגדה. אַ'ער סטיל, נוסח, לשון. אַ'ע גוזמאות.
אַ'ע טרייסטווערטער.
אַגדתא — [אַגאַ'דעטע] די, ־תּות. דזוו אַגדה
(נאָר אָפּטער און פּטמ). „פֿאַר זײַן לעבן
פֿלעגט [זײַן פֿאָטער] היטן מיט אים צו
לערנען אַלע טאָג דרײַ הלכות אין דער תּורה
און אַלע נאַכט דרײַ ענינים פֿון חכמת
אַגדתּא", נוצ. "זענען זיך ייִדן געזעסן אויפֿן
בוידעם און געשמועסט וועגן וועלטזאַכן...
אַרײַנגעמישט ווען־ניט־ווען אַ שטיקל תּורה,
אַן אַ'", ממוס, 'בישיבה של מעלה'. [לערנערס
פֿלעגן אָפֿט איבערהיפּן, אויסלאָזן, בײַם
לערנען די אַ'.] „פֿאַר אונדז קינדער איז די שטיקל
אַ, געווען דווקא אַ שׂמחה, אַ יום־טובֿ, עפּעס
אַזוי וו א אַ שטיקל ברעג וואו מע קען אָפּרוען
י
זיך", שנ, 'די ייִדישע ליט, און די לעזערין'.
אַ, דפּסח = הגדה פֿון פּסח.

אַגדת עין יעקבֿ — [אַגאָ'דאַס אַייִן יאַנקעוו]
די גאַנצע זאַמלונג עין־יעקבֿ אָדער איין אַגדה
פֿון דעם ספֿר. „אַ באַקאַנטער מאמר רז“ל
פֿון פּרקי־אָבֿות, אַ, ע, י, אָדער אַ
געוויינלעכער משל...“, לדבֿ.
אַגודה — [אַגו'דע] ־דות. 1. צונויפֿבונד,
פֿאַראייניקונג פֿון אַ צאָל מענטשן צוליבֿ
שותּפֿישן ציל, איבער שותּפֿישע מאָטיוון.
„יעדע נאַציע בילדעט אַן...אַ'“, בּרידער
גאָרדין, 1912. 2 פֿאַראיין, חבֿרה (דערעיקר
.
פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין אָדער צעך). געווען
אין שטעט און שטעטלעך פֿון מזרח־אייראָפּע:
אַ ג ו ד ת ה ח י י ט י ם [אַגודאַס האַכײַ'טים
אָדער האַכאיאָ'טים] = שנײַדער־פֿאַראיין;
אַ ג ו ד ת ה ס נ ד ל ר י ם [...האַסאַנדליי'רים]
= שוסטער־פֿאַראיין; אַ ג ו ד ת ה ב ו ר ס ־
ק א י ם [...האַבורסקאָ'אים]=גאַרבער־פֿאַראיין,
און אַפֿילו אַגודת שואבֿי־מים [...שו
אַווייי

מא'ייִם] = וואַסערטרעגערס אא. [די דאָזיקע
נעמען זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן לשון
פֿון פּנקסים, אָבער ניט אין גערעדטן לשון].
3. קורצער נאָמען פֿאַר אַגודת־ישׂראל ←.
4. קורצער נאָמען פֿון יעדער אַנדער מין
אַגודה (ווען די הערערס ווייסן אין וואַס עס גייט).
"איצט מאַך איך אײַך אַלע פֿאַר מיטגלידער
פֿון דער אַ, [= אַגודת המורים]", אָפּאַ, היבּרו.
5. פֿאַך, סעקציע; יעדער מין פּראָפֿעסיאָנעלער
פֿאַרבאַנד. א"י. אַ ג ו ד ה מ ק צ ו ע י ת.
"איך בין פֿאַרשריבן אין אגודת עובֿדי הבשׂר"
[— פֿלייש אַרבעטער]. „אַ פּקיד דאַרף זײַן א

מיטגליד פֿון דער אַגודת הפּקידים" [=
פֿאַרבאַנד פֿון באַאַמטע]. אַ ג ו ד ת ה ס ו פֿ ר י ם
— פֿארבאנד פֿון העברעאישע שרײַבער אין

א"י. 6. לאָקאַל פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין.
א"י. „מיר וועלן פֿאַרנאַכט זיך טרעפֿן אין
דער אַ'".
אַגודה אַהת — [אַגודע אַ'כאַס] די, (
געוויינטלעך אָן אַרטיקל). בּא. > פֿון
ימיםנוראימדיקער שמונה־עשׂרה; 'ויעשׂו כלם אַ,
אַ, לעשׂות רצונך בּלבֿב שלם, (אין ,ובֿכן

תּן פּחדך'); < שמואל בּ, בּ, 25. איין פֿאַרבּינדונג, איין אוניווערסאַלער פֿאַרבּאַנד. „הלוואַי זאָל שוין קומען די אַ, אַ, און עס וועלן מער קיין מלחמות ניט זײַן!" מאַכן אַ, אַ, = אָפּרעדן צו טאָן עפּעס צוזאַמען, ווי פֿרײַנד, ווי חבֿרים.

אַגורהניק — [אָגו'דעניק] דער, ־עס. ווּנ ־ניצע, ־ס. 1. מיטגליד אָדער אָנהענגער פֿון אַגודת־ישׂראל ←. (האָט אויך בּײַטעם פֿון ביטול). 2. פֿאַנאַטיש־פֿרומער; קריגערישער פֿרומאַק (ווען געניצט פֿון ראַדיקאַל געשטימטע, „פֿרײַע").

אַגודיזם — דער, ־ען. שיטה, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע ריכטונג פֿון דער אַגודתישׂראל ←. אויך: שיטה פֿון עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע.

אַגודיסט — דער, ־ן. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס. אָנהענגער פֿון אַגודיזם. אַדי: אַגודיסטיש.

אַגודל — [אַגו'דל] דער, ־ס. תּל. < יומא, בּ, א. גראָבּער פֿינגער פֿון האַנט אָדער פֿוס. מיטן אַ, אין אויג אַרײַן, אין ריפּ אַרײַן.

זיך לאָזן אָפּשנײַדן דעם אַ, (ניט צו דאַרפֿו
גיין דינען). ס'איז געשוואָלן דער אַ, פֿון
רעכטן פֿוס. ["אַלע פֿיר אותיות וואָס אין זיי
איז דאָ למד'ן (אלף, גימל, דלד, למד) —
מאַכט דאָס אגדל, דער גראָבער פֿינגער פֿון
דער האַנט...דער אייביקער וועט מלחמה האַלטן
מיט אדום מיט דעם פֿינגער וואָס מע רופֿט
אַ,", נחום חיים לעווין, דער אידישער
לופֿטבאלאָן, וואַרשע 1912].
אַגורת אַהים — [אַגו'דאַס אַ'כים] 'פֿאַרבאַנד
פֿון ברידער'. פּאָפּולערער נאָמען פֿון
פֿאַרשיידענע חבֿרות, ספּעצ פֿאַר קעגנזײַטיקער
הילף.
אַגודת המורים — [אַגו'דאַס האַמוי'רים] די.
באַ פֿארבאנד פֿון לערערס (ספּעציעל פֿון
. — —
תּלמוד־תּורות, 'היברו־סקולס, אין די
פֿאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע
אימיגראַציעלענדער). "אפֿשר באַלאַנגט עמעצער פֿון אײַך
צו דער אַ, ה,? טאָמער וואָלטן זיי געקאָנט
פּועלן", אָפּאַ, היברו.
אַגודת הרבנים — [אַגו'דאַס האָראַבאָ'נים]
די. מצ: אַגודות... [אַגו'דעס]. פֿאַרבאַנד פֿון
רבנים. יושבֿ־ראָש פֿון אַ, ה'. אַגודת הרבנים

דארצות הברית וקנדה = רבנים־פֿאַרבאַנד
פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע
[געגרינדעט אין תּרס,,ב, 1902]. געוויינטלעך
טראָגט דעם נאָמען אַ, ה, די אָרגאַניזאַציע
פֿון אָרטאָדאָקסישע רבנים.
אַגודת ישׂראל — [אַגו'דאַס ייִסראָ'על] די.
בא. אַלוועלטלעכער פֿאַרבאַנד פֿון
שטרענגפֿרומע; פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פֿון דער
אָרטאָדאָקסיע וואָס איז ניט־ציוניסטיש. [פֿאָרמעל
געשאַפֿן אין קאַטאָוויץ תּרע,,ב, l912. נאָך
דעם ערשטן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס, כּנסיה
גדולה, אין תּרפּ״ג, 1923, געעפֿנט אַן אָפּטייל
אויך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. געשפּילט
וויכטיקע פּאָליטישע ראָלע אין פּוילן און
אַנדערע לענדער. האָט אָרגאַניזירט
פֿאַרשיידענע אָפּצווײַגן: צ ע י ר י אַ, י, (יוגנט),
פּ ו ע ל י אַ, י, (אַרבעטער), ב נ ו ת אַ, י,

אַגוטאַ

(פֿרויען). די פֿערטע כּנסיה גדולה פֿאָרגעקומען
אין ירושלים, תּשי״ד, 1954].
אַגוטאַ — די, ־ס. < איי < האַאיטיש. חיהלע
ענלעך צו אַ מוילוואָרף,

וואָס עסט אינזעקטן.
[ווען אין סכּנה,
באַהאַלט זי דעם קאָפּ,
שטייט אומבאַוועגלעך,
אַזוי אַז דער יעגער קען צוקומען און זי
אַוועקנעמען] soleno▯on Para(lo▯נus (Cu־
banus).

אָגוטי — די, ־ס. < איי < גוואַראַניש [
אינדיאַניש לשון אין
צענטראַלער דרום־
אַמעריקע]. אַ חיהלע אַ
נאָגער, ענלעך צו אַ האָז
(מיט קורצע אויערן),
אין טראָפּישער און
סובטראָפּישער אַמעריקע. לעבט פֿון
וואָרצלען און פּירות, שעדיקט צוקערערן.][)asy־
Pro▯ta a]▯ti.

אגו״י — ר״ת פֿון: אגודת ישׂראל.

אָ ם) — אַדוו. סל. < רוס. אויך:
(אָם). דזוו אָגולנע. *כּולם אָגולאָם
אָגולניע — די, ־ס. אויך: אָהולניע.
גרויס= אין איין קופּע, אויסגעמישט אינאיינעם.

געשעפֿס וואו מע פֿאַרקויפֿט ניט לאחדים;
ניע. אײַנקויפֿן ווערלוועלער אין אָ'.
אָ — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. > רוס.
הורטאָווניק. דער וואָס מסחרט, האַנדלט אין
גרויסע כמותן (קויפֿט גרויסע פּאַרטיעס סחורה
און פֿאַרקויפֿט צו די קלײנהענדלער וואָס
אג□ :נ□ ען לאחדים אָדער אין הורט)
אָהולנע.
ה נדל .
□ — אַדי. > אנק, ווד. אויך:
1. וואָס איז אין גרעסערע פּאַרטיעס,
פּאָרציעס, אין הורט; אַנגראָ. אָ, געשעפֿטן. אַז
מע קויפֿט אָ, איז עס ווערלוועלער. 2. כסדר,
ווי עס גייט, ניט איבערקלײַבנדיק. „...רק
קופּצאָווי מה שנותנים סוחרי, אגולני...“,
פּנקס טיקטין, תּקכ״ח.
אַגורה — [אַגוי'רע] די. מצ נבֿ. > שמואל
א, בֿ, 36 [אַגורת כּסף — אין חדר־טײַטש:
אַ זילבערן זעקסערל,]. גאָר אַ קלײנע מטבע;
,
עפּעס וואָס האָט קוים אַ ווערט. *פֿאַרקויפֿן
די בכורה פֿאַר אַן אַ, = אָפּגעבן (מוותּר זײַן
אויף) עפּעס וויכטיקס פֿאַר אַ נישטיקער זאַך.
אַ מטבע אין מדינת ישׂראל, אַ הונדערטל פֿון

אַ פֿונט.

אַגיטאַטאָר — דער, ־ס, ־טאָרן. וונ ־ין, ־שע, ־ס. < איי < ל. איינע(ר) וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אַגיטאַציע. אַ געבֿוירענער אַ, = מיט איַינגעבֿוירענע פֿעאיקייטן צו ווירקן אויף אַן עולם.

אַגיטאַציע — די, ־ס. טעטיקייט פֿון ווירקן אויף גרופּעס און יחידים (צוליבֿ געזעלשאַפֿטלעכן ציל, אידעאַל, באַוועגונג, פּאַרטיי) דורך רייד און דרוק־מאַטעריאַלן. פֿירן אַ, = אַגיטירן.

אַג'יט־אַרבֿעט — די, ־ן. < סאָוו. קירצונג: = אַגיטאַטאָרישע אַרבֿעט. אַגיט־מאַסן אַרבֿעט = -

אַגיטאַטאָרישע מאַסן־אַרבֿעט (פּאָפּולערע לעקציעס, אָוונטן מיט פֿראַגעס און ענטפֿערס אע).

אַגיטירן — אוטוו & טרוו. ־טיר, אַגיטירט. < איי < ל. 1. פּרוּוון באַווירקן אַ גרופּע אָדער אַ יחיד פֿאַר אַ געוויסער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אָדער אידיי(ע), פּאַרטיי,

באַוועגונג. אַ, דעם עולם און צווישן עולם פֿאַר עפּעס.
2. פּרוּוון אויפֿרודערן, וועקן צו מעשׂים אָדער צו ווערן אַן אָנהענגער פֿון אַן אידיי(ע) אָדער גרופּע.

אַגיטפּונקט — דער, ־ן. סאָוו. אָרט, לייענזאַל, וואו מע פֿירט אַגיטאַציע דורך ליטעראַטור, פּאַרטיי־בּראָשורעס, צײַטונגען אע. „נאָו דער אַרבּעט מוז מען קומען אין אַגיטפּונקט הערן אַ פּאָליטישן רעפֿעראַט“.

אַגיטפּראָ'פּ — דער, ־ן. סאָוו. קירצונג: אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַ▯ וע. 1. אָפּטייל פֿאַר אַ▯יטאָציע און פּראָפּאַגאַנדע. „איצט האָבּ איו אַ זיצונג אין אַ'“. 2. דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. ער איז אַ בּאַוואוסטער אַ'.

אויך. ▯פּאַ▯אַניסט — דער, ־ן. סאַוו.

-

. אַנד ער, מצ ־ס. דער וואָס
פֿאַראָגיט־פּר

נעמט זיך מיט אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

אַגי'טצוג — דער, ־ן. סאָוו. ספּעציעלער צוג וואָס פֿירט אַרום אַגיטאַטאָרן און

אַגיטאַציעליטעראַטור.
אַגיטקע — די, ־ס. סאָיו. 1.
אַגיטאַציעמאַטער אַל (פֿלוגבלעטל, בראָשור אע). „אָט
י
האָסטו דאָ דעם חבֿר, גיי גיב אים אַן אַ"",
בערג. 2. אַגיטאַציע־פֿאַרזאַמלונג. אַ גאַנצע
קאַמפּאַניע דורכצופֿירן אַגיטאַציע.
אַגילאַר — 1. גנ. קרײַז־שטאָט אין
וואַלענסיאַפּראָווינץ, שפּאַניע. [אין 13. יה אַ
באַדײַטנדיקע
ייִדישע קהילה]. 2. פֿאַמיליע־נאָמען פֿון
באַקאַנטער ספֿרדישער משפּחה.
אָגיל ואשׂמה — [אָ'גיל ווייע'סמאַך] פֿראַזע.
ערשטע צוויי ווערטער פֿון שׂמחת־תּורה־פּזמון;
'אָגיל ואשמח בשׂמחת תּורה, = איך וועל
זיך פֿרייען און פֿריילעך זײַן מיט פֿרייד
פֿון דער תּורה. 1. נאָמען פֿון דעם פּזמון,
אויסדרוק פֿון פֿרייד. „ערשט נאָך דעם שלאָף
פֿלעגט מען זיך צוזאַמענעמען און זינגען
,אָגיל ואשׂמח', 'שׂישׂו ושׂמחו, וכדומה„, קמ,
2 .6 1866 No. אַדי (בלויז פּרעדיקאַטיוו)
און אַדוו. זייער פֿריילעך; אין אַ יום־
טובֿדיקער שטימונג, אינגאַנצן אָן שום זאָרגן.
ער איז הײַנט אָ, וא„ ווי ער וואָלט געוואונען

דאָס גרויסע געווינס. קומט אַריבער צו אונדז,
עס וועט זײַן אָ, וא,. 3. דזוו בּ2, אָבער
אויסגעבּרייטערט: וואָס ווערט געטאָן (
אָפּגעטאָן, דורכגעפֿירט) אויף אַ קונציקן אופֿן, מיט
פֿולער צופֿרידנקייט מצד די וואָס טוען עס.
„איר וועט מוזן שענקען דער רביצין אײַער
ווײַבּס אוירינג מיטן בּראָש. און ווי אַזוי
דאָס אָפּצומאַכן אָ, וא'? — זאָלט איר מיר
נאָר פֿאָלגן“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, 1895.
שפּאַסיקער פֿטמ אויסטײַטש: אָ, וא, —
קײַלעכדיק און שפּיציק ['אָגיל, ווערט
פֿאַרבּיטן מיט 'עגול, = קײַלעכדיק, און וויבּאַלד
איין וואָרט בּאַטײַט קײַלעכדיק, בּאַטײַט דאָס
צווייטע: שפּיציק]. „עס וועט אויסקומען
איה“ש ווי מע זאָגט אָ, וא', קײַלעבדיק און
שפּיציק“, ממוס, טאַקסע; „פֿון א ך ביידע

אַגלאָמעראַציע

קען ערשט זײַן אָ, וא,, קאַלעכדיק און
שפּיצעכיק“, ממוס, קליאַטשע. אַנדערע שפּאַסיקע
אויסטײַטשן: קנאַקעדיק און טשאַקעדיק, מיט
אַ לחײַם און מיט אַ טענצל, מיט משקה און
מיט מוידן. פּראָפֿעסיאָנעלע אויסטײַטשונגען

מיט אַ האַמער און אַ הובל; אויסגעפּוצט
און אויסגעפּרעסט אאַ. „ווי יודל קטנתּי זאָגט:
אָ, וא, — צוגעשניטן און אויפֿגענייט“, שע,
אין שטורעס.
אָגיל־ואשׂמהדיק — [אָ'גיל־ווייעסמאַ'כדיק]
אַדי. 1. זייער יום־טובֿדיק, שׂמחת־תּורהדיק,
וואָס איז אין זייער אַ פֿריילעכער שטימונג.
2. גאָר קונציק, וואָס איז אויפֿן בעסטן אופֿן.
אָפּטאָן עפּעס אָ,־וא'.
אַגינאַלדאָ — דער, ־ס. אויך. ־דע — די,
.
־ס. שפּאַ. צוגאָבֿ־שׂכירות. ניטל־געשאַנק אַן
אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטן. אויסצאָלונג
בײַם אָפּזאָגן פֿון פּאָסטן אָדער בײַם
ליקווידירן ס'געשעפֿט. [לויט אַרגענטינער געזעץ
קומט דעם לוין־אַרבעטער אַ ניטל־מתּנה אין
באַטרעף פֿון אַ צוועלפֿטל פֿון זײַנע יערלעכע
שׂכירות. בײַם אָפּזאָגן פֿון פּאָסטן אָדער בײַם
ליקווידירן אַ געשעפֿט קומט דעם אַרבעטער אַ
צוועלפֿטל פֿון דעם וואָס ער האָט פֿאַרדינ־
במשך פֿון יאָר].
אַגירן — טרוו. אַגיר, אַגירט. < דײַטש < פֿר.
אַרכ. שפּילן אַ ראָלע, פֿירן טעטיקייט פֿון
עמעצן. „איין מאַן...[איז] יורד מנכסיו

גיוועזין...האָט בּאַלטנה גיוואונט...און, איין חלפֿוז
אַגירט,,, גה, ז, 234.

אָגירקע — די, ־ס. < וור. דאָס אייבּערשטע
בּלאַט פֿון קאַרטאָפֿל. ,,זיי קריכן אויפֿן פֿעלד,
פֿרעסן אָפּ די אָ'ס און צעראָיען דעם גאַנצן
גרונט“, בּרוסילאָוו, שטילע ערד, 117.

אָגלאָבּליע —. די, ־ס. אויך:

האָדוט,
וור, אוק. איינס
פֿון דרענגלעך,
צוגעפֿעסטיקט צום
פֿאָרנט פֿון וואָגן,
וואָס צווישן זיי
ווערט

אײַנגעשפּאַנט דאָס פֿערד. *אַרײַנפֿאָרן מיט די אָ'ס אין
שבּת אַרײַן, אין די בּענטשליכט אַרײַן, אין די
לאָקשן אַרײַן = א) קומען אַהיים נאָך
ליכטבּענטשן; בּ) קומען שפּעט. *שפּרינגען פֿון די
אָ'ס = זײַן אויפֿגערעגט, אַרויסווײַזן רוגזא.

אַגלאַיע גר. מיטאָלאָגיע. איינע פֿון די
דרײַ גראַציעס.

אַגלאָמעראַ'ט — דער, ־ן. < איי > ל.
1. מאַסע, הויפֿן. צונויפֿזאַמלונג. 2. (
געאָלאָגיע) וואולקאַנישער שטיין וואָס פֿאַרמאָגט

פֿאַרשיידענע באַשטאַנדטיילן. 3. (פּאָליטיק)
אומזיכערע קאָאַליציע פֿון פּאַרטייען אָן
פֿעסטער שותּפֿישער פּראָגראַם. „די פֿראַנצייזישע
רעגירונג איז אָפֿטמאָל בלויז אַן א„„. אַדי:
־טיוו.
אָגלאָמעראַציע — די, ־ס. צונויפֿנעם,
צונויפֿזאַמלונג (פֿון פֿאָרשיידענע עלעמענטן,
מינים מענטשן אאַ). גרופּע, מאַסע, הויפֿן.
אַקומולאַציע.

אַגלאָמערירן

אַגלאָמערירן — טרוו. ־ריר, אַגלאָמערירס.
צונויפֿנעמען אין איין מאַסע, קנויל, קופּע.
אַקומולירן.
אַגלאָסאַ'ל — אַדי. < איי < גר. (זאָאָלאָגיע)
וואָס האָט ניט קיין צונג. פֿאַראַן אַ'ע בעלי־חי.
אַגלאַסטער — דער & די, ־ס. אַרכ. <
.Age1ster ▯ Ag(a)laster.פֿרידײַטש
גײַער; פֿויגל פֿון
אָדלערמשפּחה, לעבט פֿון נבֿילות;
מיט געל קעפּל, נאַקעטן
האַלדז, ווײַסן קערפּער און
שוואַרצע פֿליגלען. טײַטשוואָרט

פֿאַר 'רחם, (ויקרא, יא, 18):
אַגלאַשטיר; ב: אָגלסטיר; ממ: אַגילאַשטר;
באר משה: ,אגיללאמטיר,, תּי: גײַער ["רחם זו
שרקרק,,, חולין, סג/א]. ‾Per ron]
אָס
— < איי < גר. 1. דאָס
אײַנ[0יִI]c.
אָג
געבוירענע פֿעלן פֿון אַ צונג. 2.
אומפֿעאיקייט צו רעדן.
אָגלאָשען — טרוו. ־שע, אָגלאָשעט. פּר. סל.
< פּויל. מעלדן, פּובליקירן. ,,מע האָט אויך
די זאַך אָגלאָשעט אין די צײַטונג,,, א. ל.
קאַרטוזשינסקי, די גליקלעכע פֿאַמיליע, וואַרשע
.1881
אַגלוטינאַ'נט — דער, ־ן. יעדער מיטל וואָס
פֿאַרקלעפּט אָדער בינדט צונויף איין זאַך
(באַשטאַנדטייל) מיט דער צווייטער.
אַגלוטינאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
1. אַקט, פּראָצעס פֿון צונויפֿקלעפּן אָדער
פֿאַרבינדן. 2. סיסטעם, פּראָצעס פֿון שאַפֿן
ווערטער דורכן אָפּהיטן די פֿאַרזיכדיקייט פֿון
אומבײַטעוודיקע באַשטאַנדטיילן (שורש,

פּרעפֿיקס, סופֿיקסן), וואָס זיי קומען אַזוי ווי צוגעקלעפּט, צוגעבונדן צווישנאַנאַנד. [די סיסטעם איז פֿאַראַן אין אוראַל אַלטײאישע -

שפּראַכן. מע קען אַזעלכע צונויפֿהעפֿטן אין ייִדיש ווי זעגלשיפֿל, קופּערשמיד אע אויך באַטראַכטן ווי אַ פֿאָרעם פֿון אַגלוטינאַציע].
3. דאָס צונויפֿקלעפּן, צונויפֿזאַמלען אין קופּעס קעמערלעך וואָס געפֿינען זיך אין אַ קערפּער־פֿליסיקייט. (צונויפֿקלעפּונג פֿון באַקטעריעס אין בלוטשטראָם אונטער ווירקונג פֿון אַגלוטינין). אַדי. ־נאַטי'וו.

.

אַגלוטיני'ן — דער, ־ען. < איי < ל.
1. אָרגאַנישער שטאָף מיט דער אייגנשאַפֿט צונויפֿצוקלעפּן, צו פֿאַרבינדן. 2. אין אימונאָלאָגיע (←) אַן אַנטי־קערפּער אין אָרגאַניזם וואָס העלפֿט צונויפֿקלעפּן, אַגלוטינירן קעמערלעך אין קערפּער־פֿליסיקייטן, ווי למשל באַקטעריעס אין בלוטשטראָם.
אַגלוטינירן — טרוו. ־ניר, אַגלוטינירט. < איי < ל. 1. צונויפֿקלעפּן, צעמענטירן, באַהעפֿטן. 2. (אימונאָלאָגיע) דורכפֿירן פּראָצעס פֿון אַגלוטינאַציע אין בלוט און אַנדערע

קערפּער־פֿליסיקייטן.
אָגלושען — טרוו. ־שע, אָגלושעט. < רוס, װר. בּאַטױבּן. אָ, מיט אַ דובּינע איבּערן קאָפּ.
איר. פֿאַרדולן דעם קאָפּ מיט צו פֿיל רעדן.

אָגלושעט װערן = אויו: צעמישט, צעסומלט װערן. קללה: אָגלושעט זאָלסטו װערן! אויו: אַהלושען.

אַגמון — [אַג'מען] דער, ־ס און ־ים [אַגמוי־נים]. < שבּת, קמה/ב. 'העגעמאָן', הגמון, אַרמיי־פֿירער, גענעראַל; גרויסער פּריץ. קריסטלעכער ראָש, בּישאָף. אַן אַ, װאָס דער גאַנצער קאַנט איז געװען זײַנער.
אָגמענטירן — טרוו. ־טיר, אָגמענטירט. < פֿר. פֿאַרגרעסערן פֿאַרבּרייטערן. חנוך לנער פֿיור

דא תּקל״ד, פֿאַרטײַטשט: „אוגמענטירן — פֿרמערן“.
אַגנאָזיס — דער, ־ן. אויך: אַגנאָסיס, ־זיע, ־סיע. 1. דאָס פֿאַרלירן, אָנװערן דעם כּוח צו דערקענען די בּאַדײַטונג פֿון חושימדיקע

סטימולירונגען. בילדער־אַ', אידייען־אַ'.
2. דאָס (פּרינציפּיעלע) ניט־וויסן ווי אַ
רעזולטאַט אָדער אויסדרוק פֿון ספֿקות.

אַגנאַ'ט — דער, ־ן. < איי < ל. קרובֿ פֿון
פֿאָטערס צד און בכלל נאָר דורך די מאַנצבילן
פֿון דער משפּחה.

אַגנאַטיש — אַדי. וואָס איז קרובֿיש פֿון
פֿאָטערס צד און בכלל דורך די מאַנצבילן פֿון
דער משפּחה. „אין מגילת רות ווערט געצויגן
ד אַ'ע ליניע פֿון פּרצן ביז דודן„. ־קייט —
י

די (דאָס). קרובֿישאַפֿט דורך דער ליניע
מאַנצבילן אין דער משפּחה.

אַגנאָסטיציזם — דער, ־ען. דזוו אַגנאָסטיק.
„די דאָזיקע האַלטונג איז כולל אין זיך דעם
אַ, וואָס דערקלערט דעם מה־למעלה ניט
צוגענגלעך פֿאַרן מענטשלעכן שׂכל“, ליבמאַן
□ ערש.

אַגנאָסטיק — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
שיטה, דאָקטרין וואָס האַלט אַז מיטן
מענטשלעכן שׂכל איז ניט מעגלעך: א) צו באַנעמען
דעם מהות פֿון גאָט, אוניווערס, נאַטור און
לעבן, און ב) אויך צו באַיאָען אָדער
פֿאַרניינען די עצם עקסיסטענץ פֿון גאָט,

אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה.
אַגנאָסטיקער — דער, ־ס. אָנהענגער פֿון
אַגנאָסטיק, אַגנאָסטיציזם. „אַן אַ, איז ניט
קיין אַטעאיסט, וואָס מיינט אָז ער ווייסט
ס'איז ניטאָ קיין גאָט“.
אַגנאָסטיש — אַדי. 1. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַגנאָסטיציזם פֿאַרן
אַגנאָס,
טיקער. אַ'ער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם
געטלעכקייט. „די אַ'ע שטעלונג צו יענער־וועלט
פֿאַרמאָגט אין זיך מער וואונדער“, יג, תּוך.
אַגנאָסצירן — טרוו. ־ציר, אַגנאָסצירט. אַרכ
[סוחריש?]. < דײַטש < ל. אָנערקענען,
באַשטעטיקן (אַז ס'איז ריכטיק). „... דער זעלבי
ניט נעגירן ווערט...איהם בוועגין כּתבֿ ידו
צו אַ'„, אגרת שלמה, טו/ב.
אַגנאַציע — די, ־ס. < איי < ל. קרובֿישאַפֿט
דורך דער מענלעכער ליניע אין משפּחה.
אַגנוס דעאי — פֿראַזע, ל. „גאָטס לעמעלע“.
פֿיגור פֿין אַ לעמעלע (מיט אַ צלם) ווי אַ
סימבאָל פֿון קריסטוסן.
אָגני — דער. < איי < סאַנסקריט.
הינדוסישער גאָט, וואָס לויט די וועדאַס איז ער דער
ממונה איבערן פֿײַער פֿון אַלטאַר און דער

פֿאַרמיטלער צווישן מענטשן און געטער.

אַגניאָטקע — די, ־ס. פֿטמ. < פּויל. דזוו

נאַגניאָטקע, זאַגניאָטקע, נאַגניאַטעק.

הינעראויג; מאָזאָל(יע). „איך האָב אַלץ צו טאָן מיט

אַגענטור

די אַ'ס“, ש. בערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה,

קעשענעוו 1898.

אַגגיוווקע — די, ־ס. וורר. (קצבֿים־לשון)

פֿלייש פֿון הינטער־חלק (זאָדיק) בײַ דער בהמת.

אָגניעטושיטעל — [ווייכע ל], דער, ־עס.

< רוס. אַפּאַראַט צו לעשן שׂריפֿה אין איר

אָנהייב; זעט אויס ווי אַ צילינדער; אָנגעלאָדן

מיט אַ כעמישער מישונג. „ווען ניט דער אָ',

אָג[illegible]לט דאָ[illegible]

ט — דער, ־ן. רוסיצ. < רוס.

וו הויז אַוועק מיטן פֿײַער“.

יעמיאָ

פֿײַער־וואַרפֿער. וואָפֿן וואָס לאָזט אַרויס

ברענעדיקע פֿליסיקייט מיט צעשטערערישן כּוח

אויף אַ מהלך פֿון 20 ביז 100 מעטער. דער

אָ, האָט געשפּיגן פֿײַער.

אָגניק — דער. מצ נב. פּד. < פּויל. אויסשלאָג

אויפֿן פּנים און קאָפּ בײַ קלײנטשינקע
קינדער. אויך: נאָגניק, אָהניק.
אָגען — דער, ־ס. פּד. < פּויל. אויך: אָגאָן.
1. װײדל פֿון אַ חיה. 2. (שוסטערײַ)
שמאָלער פּאַס פֿון האַרטער לעדער מיט אַ שפּיץ.
אַגענדע — די, ־ס. < איי < ל. טאָג־
אָרדענונג, סדר־היום. „די פֿראַגע שטײט (ניט)
אויף דער אַ'".
אַגע'נט —. דער, ־ן. וונ ־יו, ־קע, ־ס. < איי
< ל. 1. פֿאָרשטײער, פֿאַרטרעטער פֿון
האַנדלס־פֿירמע, פֿאַבריק, געשעפֿט, װאָס איז
באַפֿולמעכטיקט צו פֿאַרשפּרײטן
אויסאַרבעטונגען, סחורות אָדער פֿאַרטרעטן די פֿירמע בײַ
געשעפֿטלעכע אונטערהאַנדלונגען. פֿאַרמיטלער;
מעקלער (קאָמי־)װאָיאַזשאָר. [חנוך לנער,
פֿיורדא תּקל"ד פֿאַרטײַטשט: „אַ, — פֿאַקטאָר, פֿר
װאַלטר דער איין אַנדר זײַן זאַכן פֿר ריכט".]
„אַ'ן װי די הינט„, שע. „זײַנע אַלע געשעפֿטן
פֿלעגן אָפּגעטאָן װערן דורך זײַנע אַ'ן„, ספּ,
גליקלעכע און אומגליקלעכע. *שושן־הבירה־אַגענט
= מעקלער פֿון ,לעבעדיקער סחורה,
פֿרויען,
מעקלער. 2. באַפֿולמעכטיקטער (פֿון אַ יחיד,
פֿירמע, גרופּע) אויסצופֿירן געװיסע פֿונקציעס,

שליחותן. שליח, פֿאָרשטייער. פּרעסע־אַ'.
3 פֿאָרשטייער פֿון אַ פֿאַרזיכערונג־געזעלשאַפֿט
.
אָנצונעמען פֿאַרזיכערונגען פֿאַרזיכערונג אַ',
- *
סטראַכיר אַ'. 4. אָנגעשטעלטער אין פּאָליציי,
-
דערעיקר געהיים־פּאָליציי. געהיים־אַ'.
פּאָליצייאַ'. שפּיאָן. 5. אָנגעשטעלטער אין קאָנסולאַרן
דינסט, פֿאַרטרעטער פֿון אַ מלוכה.
דיפּלאָמאַטישער אַ'. 6. עמעצער וואָס פֿאַרקויפֿט זיך
צו דינען פֿרעמדע אינטערעסן (קעגן די
אינטערעסן פֿון זײַן אייגענער גרופּע). אַ, פֿון
דער בורזשואַזיע. 7. (נאַטורוויסן) כּוח וואָס
איז מסוגל אַרויסצורופֿן געוויסע דערשײַנונגען
(אין אַ באַשטימטן סדר). כעמישער אַ, =
סובסטאַנץ וואָס רופֿט אַרויס אַ געוויסע רעאַקציע.
פֿאַקטאָר.
אַגענטור — די, ־ן. < איי < ל. 1. ביוראָ
פֿון אַגענט. פֿונקציע, טעטיקייט פֿון אַגענט.
א, אויף (איבער) אַ גאַנצער געגנט
פֿאַרמיט־
.
לונג־אַ'. 2. פֿאַרטרעטונג פֿון האַנדל־,
אינדוסטריע־אונטערנעמונג(ען). אַ'־הויז — פֿירמע

וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאַרטרעטערשאַפֿטן.
3. אינסטיטוציע צו קלייַבן מאַטעריאַלן,
אינפֿאָרמאַציע, ידיעות פֿאַר דער פּרעסע.
אינפֿאָרמיר־א', נײַס אַ', פּרעסע אַ'. 4.
אינסטי־ -

אַגענטסטווע

טוציע וואָס העלפֿט געפֿינען אַרבעט.
5. מלוכהשע אָדער אינטערנאַציאָנאַלע
קערפּערשאַפֿט מיט ספּעציפֿישע, באַשטימטע
אויפֿגאַבעס. אַ, פֿאַר אַטאָמישער ענערגיע.
אייראָפּעאישע קוילן־אַ'. 6. ייִ ד י ש ע אַ, —
קערפּערשאַפֿט וואָס איז אָנגעוויזן אין קאַפּיטל I
פֿון מאַנדאַט מצד פֿעלקער־ליגע בײַם
איבערגעבן ענגלאַנד מאַנדאַט־רעכט אויף
פּאַלעסטינע (1922) אדן וואָס איז פֿאַקטיש געשאַפֿן
געוואָרן אין 1929, העלפֿט אויף העלפֿט פֿון
ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, צו רעפּרעזענטירן
דאָס ייִדישע פֿאָלק לגבי דער מאַנדאַטן־מאַכט;

האַט פֿאַרטראָטן דאָס ייִדישע פֿאָלק אין עניני□
וועגן ארץ־ישׂראל פֿאַר באַזונדערע מלוכות
און פֿאַר די „פֿאַראייניקטע פֿעלקער“ ביזן
אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל. ← אַגענץ,
סוכנות.

אַגענטסטווע □ די, ־ס. רוסיצ. דזוו
אַגענטור.

אָג(ע)ניווקע — די, ־ס. פּד. < פּויל פּײַערל,

.

שײַטער.

אַגענעזיס — דער, ־ן. 1. דעפֿעקטיווע
אַנטוויקלונג אָדער דאָס פֿעלן פֿון אַן אָרגאַן, אַ
טייל פֿון גוף. 2. סטערילקייט. אימפּאָטענץ.

אַגענעזיע — די, ־ס. אויך. ־נעזיס, דער,

.

־ן. אומפֿעאיקייט צו באַפֿרוכפּערן אַ פֿרוי;
מענלעכע סטערילקייט, סטעריליטעט.

אַגע'נץ — די. מצ נב. < דײַטש. 1. ייִדישע
אַגענטור — ← אַגענטור ב6. [ייִדישע פּרעסע
אין מזרח־איירָאָפּע האָט געוויינטלעך געניצט
אָט דעם טערמין]. 2. סתּם אַגענטור. דטשמ.

אָגעפּעו, — די. מצ נב. סאָ□ו. אויך: אָגפּו.
< רוט. קירצונג פֿון: „אָביעדיניאָנאָיע

גאָסודארסטווענאָיע פּאָליטישעסקאָיע
אופּראַוולעניע״: סאָוועטישע געהיים־פּאָליציי.
געוויינטלעך
געפּעאו'.
אָגער — דער, ־ס. < פּויל. ער פֿון פֿערד.
„דער אַלטער זצ״ל איז אַמאָל ל״ג בעומר
געפֿאָרן אויפֿן פֿעלד מיט זײַן ווײַסן אָ , האָט
זיך דער אָ, געשטעלט דיבאָם״, ייִל, פּוילישע
ייִנגל. „מלאָכימלעך...יאָגן נאָך, ווי ווילדע
גיט־געצוימטע אָ'־פֿערד, די מיידן נאַקעטע
און זינדיקן מיט זיי״, הר, אָדמט קינדער.
אַגעראַטום — דער, ־ס. < איי < גר. געוויקס
וואָס איז תּמיד גרין. האַרטער מין גראָז פֿון
,
דיסטל־משפּחה, וואַקסט אין טראָפּישער
אַמעריקע, האָט ווײַסע אָדער בלויע בלימעלעך.

Ageratumאַגערעס — דזוו אַגרעס. אצ & מצ. ער רײַסט
אַ', שעדלעך פֿגפֿ: אַ, ווי עפּל.

.
אגר, — קירצונג פֿון אגרת ←.
אַגראָ — [אַגראָ] תּל. באַלוינונג
פֿאַרגיטי,
קונג, שׂכר. ערשטער טייל פֿון אַ צאָל

אויסדרוקן (זען ווײַטער). ל פֿ ו ם צ ע ר א אַ,
[לעפֿום צאַ'אַראָ אַ'] = לויטן צער איז דער
שׂכר.
אַ'גראָ־, אַגרי־ — < איי < ל. ערשטער
טייל פֿון אַ צאָל אינטערנאַציאָנאַליזמען וואָס
האָבן צו טאָן מיט ערד אַרבּעט,

לאַנדווירטשאַפֿט, וויסנשאַפֿטן וועגן בּאָדן, וועגן דעם
וואָס וואַקסט אַרויס פֿון בּאָדן און וואָס האָט
אַ שײַכות צום קולטיווירן דעם בּאָדן.

3()

אַ'גדאָבּ. אָלאָ'ג — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס.
י
געלערנטער אויפֿן געבּיט פֿון אַגראָבּיִאָלאָגיע.
אַ'גראָבּ. אָלאָגיע — די. מצ נבּ. צווײַג פֿון
י
בּיִאָלאָגיע וואָס פֿאָרשט דאָס אָרגאַנישע לעבּן
אין בּאָדן, ספּעציעל בּשײַכות מיט
אַגריקולטור (←). אדי: ־לאָגיש.
אַ'גראָגעאָלאָ'ג — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס.
געלערנטער אויפֿן געבּיט פֿון אַגראָגעאָלאָגיע.

אַגראָגעאָלאָגיע — די. מצ נבֿ. צווײַג פֿון געאָלאָגיע וואָס פֿאָרשט אײבערשטן שיכט פֿון ערד, דעם באָדן, ספּעציעל בשײַכות מיט אַגריקולטור (←). אדי. —לאָגיש.

.

אָגראָ'ד — דער, ־ן. < פויל. דזוו אָגאָראָד. אָפּטערע פּ..

אַגראַדאַציע — די, ־ס. < איי < ל. אויסגלײַכונג אין אײבערפֿלאַך פֿון דער ערד (ווי רעזולטאַט פֿון פֿיזישע דערשײַנונגען: ווינטן, רעגנס, שטראָמען אאַ).

אגרא דבי הלולי מלי — [אַגראָ דעבײ הילו'לע — מי'לײַ] זאַץ. תּל. ברכות, ו/ב. באַלוינונג פֿאַרן (פֿון) קומען צו אַ שׂמחה (חתונה) — איז ווערטער (ריידן), דה מע קומט ניט צו אַ ▯מחה סתּם צו עסן אָדער טרינקען, נאָר צו דערפֿרייען מיט (קלוגע, פּאַסיקע, פֿריילעכע) רייד.

אגרא דבי טמיא שתיקותא — [אַ'גראָ דעבײ טאַמאַ'יאָ (טאַ'מיאָ) שטיקוסאָ] זאַץ. תּל. ברכות, ו/ב. ,דער זינען (שׂכר) אין אַ טרויער־הויז איז דאָס שווײַגן'. ווען מע קומט צו אַן אָבֿל (←) מנחם אָבֿל זײַן, וואַרט מען ביז דער אָבֿל הייבט אַליין אָן צו ריידן

[איובֿס פֿרײַנד וואָס זענען געקומען אים טרייסטן האָבֿן געשוויגן זיבֿן מעת־לעת, בֿיז איובֿ האָט אַליין אָנגעהויבֿן ריידן].

אַגראָדזשאָינט — דער. אָפּצווײַג פֿון דעם אַמעריקאַנער „דזשאָינט“, געשאַפֿן אין 1924 לויט אַן אָפּמאַך מיט דער סאָוועטן־מאַכט, כּדי בעסער צו אָרגאַניזירן און פֿאַרשטאַרקן די הילפֿסאַרבעט וואָס דער “דזשאָינט“ האָט געפֿירט אין די סאָוועטישע ייִדישע קאָלאָניעס. אָפּגעשטעלט אין מיטן דרײַסיקער יאָרן.

אָגראָדניק — דער, ־עס. ווּ ־ניטשקע, ־ניצע ־ס. < פּויל, רוס דזוו אָגאָראָדניק. עלטערע און מער פֿאַרשפּרייטע פ'. „סע פֿאַרהאַנדן אַ מדינה וואַס זיי האָבֿן געהאַט א גאָרטן און אַלע קוואַיאָטן [= קווייטן] וואָס אין דער וועלט איז אַלץ געווען דאָרט אין דעם גאָרטן. און סע געווען איבער דעם גאָרטן אַן אָ'... איז דאָרט דער אָ, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן“, נחבֿ. זעצן עבֿרי ווי אַן אָ, = זאָגן עבֿרי זייער שווער, עם־הארציש [זעצן בינדט זיך מיט דער ארבעט פֿון אַן אָ'].

אָגראַדע, אָגראָדע — די, ־ס. < פּויל, רוס. אָפּצוימונג, אַרומצוימונג. אַן אָ אַרום הויז.

,

פֿאַרווילדע חיות מאַכט מען אָ'ס. ,,... אַל
גערטן פֿאַרגרויזעט אַרום און אַרום מיט אַן
אָ, פֿון הדסים,,, קמ, 48 1864, No.
אגרא דפ(י)רקא ר(י)הטאָ — [אַגראָ
דעפּי'רקאָ ריהאָ'טאָ] זאַץ. תּל. בּרכות, ו/בּ.
באַלוינונג פֿאַר הערן אַ דרשה (אָדער
הערן לערנען) איז אין דעם לויפֿן (גיין)
הערן. ווערט געזאָגט לשבֿח וועגן מענטשן

אַגראָנאָס

וואָס קומען הערן אַ דרשה (פֿון אַ רבֿ, אַ
מגיד) און פֿאַרשטייען זי ניט: זיי קריגן שׂכר
פֿאַרן גיין הערן. ,,איר מיינט מע פֿאַרשטיי
איַך? נאָר ס'איז גוט וואָס מע קומט: א,
ד, ר''. -
אגרא דשמעתא סבּרא — [אַגראָ דישמאַ'-
טאָ סוואָרע] זאַץ. תּל. בּרכות, ו/בּ.
באַלוינונג פֿאַר הערן לערנען אַ הלכה איז די
סבֿרא, דה דער עיקר איז ניט דאָס דערוויסן
זיך וואָס עס איז די הלכה, נאָר: דורכטראַכטן
די טעמים, די מאָטיוון. אָדער: דער פּראָצעס
פֿון שטודירן פֿון אַנאַליזירן — איז
וויכטי,

קער ווי דער קאָנקרעטער רעזולטאַט.
אגרא דתעניתא צדקתא — [אַגראָ
דייטאַ(אַ)ני'סע צידקאָ'סע] זאַץ. תּל. בּרכות, ו/בּ. 'בּאַלוינונג פֿאַר פֿאַסטן איז צדקה', דער שׂכר פֿון תּענית איז דאָס געבֿן צדקה.
וואָס מע שפּאָרט אײַן פֿון ניט עסן אין אַ תּענית זאָל מען אַוועקגעבֿן אויף צדקה. ווערט אָבֿער פֿאַרשטאַנען: אויבֿ מען איז ניט בּכּוח צו פֿאַסטן אַ תּענית — זאָל מען עס אויסקויפֿן מיט געבֿן צדקה פֿאַר יערלעכע ייִדן איז
„.
דאָ...קונעס...מקוואות...מים־שלנו'ס, א, ד, וכּדומה אַזעלכע ייִדישקייטן“, ייִל, ניט טויט ניט לעבֿעדיק, ווילנע, תּרנ“ח.
אַגראַוואַציע — די, ־ס. פּראָצעס, אַקט פֿון אַגראַווירן.
אַגראַווירן — טרוו. ־וויר, אַגראַווירט. 1 פֿאַרערגערן פֿאַרשאַרפֿן, מאַכן שווערער
.
(פּראָבלעם, געפֿיל, קראַנקייט אאַ). [געוויינטלעך ווען דאָס ווערט געטאָן אומנייטיק אָדער אַ אַ כּוונה]. 2. אַרויסרופֿן שלעכט געפֿיל, שלעכטע שטימונג.
אַגראָטעכני'ק — די. מצ נבֿ. טעכניק,

ידיעות וואָס זײַנען נייטיק פֿאַר
לאַנדווירטשאַפֿט.
אַגראָטעכניש — אדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו (איז לויט די פּרינציפּן פֿון) אַגראָטעכניק.
אַגראָ־י□ד — דער. אָרגאַניזאַציע אין די
דרײַסיקער יאָרן פֿון 20. יה צו העלפֿן ייִדן פֿון
פֿאַרשיידענע לענדער זיך צו בּאַזעצן אין
בּירעבּידזשאַן.
אַגראָכעמיע — די. מצ נבֿ. טייל פֿון
וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט די כעמישע
בּאַשטאַנדטיילן פֿון בּאָדן און די שײַכותן צווישן זי□
אדי: ־מיש.
אַגראָלאָגיע — די. מצ נבֿ. צווײַג פֿון
אַגריקולטור וואָס פֿאָרשט דעם בּאָדן: אדי: ־
לאָ□יש.
אַגראָם — גנ. דזוו זאַגרעבּ.
אַ'גראַמאַטי'זם — דער, ־ען. < איי < גר.
1. פֿאַרלוסט פֿון פֿעאיקייט צו ריידן מיט
קלאָרע, פֿאַרענדיקטע זאַצן, צו ריידן
גראַמאַטיש מחמת אַ בּאַשעדיקונג אָדער קראַנקייט
פֿון מוח. 2. אַנאַלפֿאַבּעטיזם ־רסט, דער,
.
־ן. אַדי: ־טיש.

אַגראָמי'נימום — דער, ־ען. סאָוו. מינימום
פֿון אַגריקולטורעלער פּראָדוקציע, באַשטימט
לויט פֿאָרויסיקן מלוכה־פּלאַן.
אַגראָנאָ'ם — דער, ־ען. (אויך ווײַבלעך).
ווב ־ין, ־קע, ־ס. < איי < גר. ווער עס

אַגראָנאָמיע

שטודירט אָדער האָט אויסשטודירט
אַגראָנאָמיע.
אַגראָנאָמיע — די. מצ נב. < איי < גר.
וויסנשאַפֿט פֿון אַגריקולטור פֿון אַלע פֿאָרמען
—
,
און בעסטע אופֿנים צו באַאַרבעטן די ערד.
אַגראָנאָמיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו אגראָנאָמיע. אַ'ע כעמיע פּירן די בעל
-
.
הבתּישקייט אַ'.
אַגראַנדי(זי)רן — טרוו. ־די(זי)ר,
אַגראַנדי(זי)רט. <איי < ל. גוזמאדיק פֿאַרגרעסערן
ווערט, חשיבֿות. דערהייבן. אַ, דעם נאָמען פֿון
העלד.
אָגראַניטשעניע — די, ־ס. רוסיצ.

באַגרענעצונג (געוויינטלעך פֿון רעכט, מצד דער רוסישער מאַכט). „נאַטשאַלסטווע דענקט לעתעתּה נישט אָפּצושאַפֿן אָ'ס (באַשרענקונגען) וואָס מע האָט אויף ייִדן אַרויסגעגעבן“, ייִפֿאָל, 37 ,1882 No. אָ, פּראַוך = באַגרענעצונג פֿון רעכט בײַם פֿאַרמשפּטן אַ פֿאַרברעכער [פֿלעגט באַשטיין אין צונעמען רעכט צום שטימען, אַרויסצופֿאָרן פֿון אַ שטאָט אָדער געגנט אאָ].

אַגראָסטאָלאָגיע — די. מצ נב. < איי < גר. טייל פֿון באָטאַניק וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאָרשן גראָזן. אַדי. ־לאָגיש.

.

אַגראַ'◻ — דער, ־ן. < איי < פֿר. האָק, ספּראָנזשקע אין אַן אייבערשטן מלבוש (אויך אין אַ פּאַנצער). אַן אַ, אין אַן אַלטמאָדישן פּריצישן פּעלץ. „דאָרט זענען געווען... קאָליעס פֿון פּערל...אַ'ן רובינען“, ייִפֿאָל, 45 ,1887 No.

-

אַגראַסיע — די. מצ נב. < איי < גר. אומפֿעאיקייט אויסצודריקן געדאַנקען— אין

שריפֿט (איבער אַ מוח־קראַנקייט). אַדי: ־פיש.
אַגדאַפֿקע — די, ־ס. אויך: גראַפֿקע,
נאַגראַפֿקע. < איי < פֿר. 1. יעדער מין
האַטשיקל און אויך יעדער מיטל צוצושפּיליע
אין בגדים. אַ קעלנערל פֿון אַ בלוזקע מיט
צוויי אַ'ס. ספּעציעל אַ (פֿאַר)זיכער־נאָדל,
צו-----
געגייט צו אַ בגד. 2. אַ (פֿאַר)זיכער־נאָדל.

פּד.
אַגראָצע, אָגראָצע — די, ־ס. < פּויל
דזוו אָג(אָ)ראָזשע; הויך אַרומגעצוימטער הויף.
אַגראַ'ר — אַדי. אויך: אַגראַריש. < איי
< ל וואָס האָט צו טאָן מיט לאַנדווירטשאַפֿט
(אויך מיט אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע
פּראָבלעמען פֿון און אַרום ערדבאַזיץ). אַ'ע
אומרוען = וואָס אַנטשטייען מחמת צונויפּ
שטויס פֿון אינטערעסן צווישן די וואָס
באַאַרבעטן און די וואָס באַזיצן דאָס לאַנד.
אַ'ע פֿראַגע = מלוכהשע, געזעלשאַפֿטלעכע
פּראָבלעם(־ען) בשײַכות מיט לאַנד־
פֿאַרטיילונג. אַ'־פּרײַזן = פּרײַזן אויף אַ'ע פּראָדוקטן.
אויך: אַ'־אומרוען, אַ'־קריזיס, אַ'־פֿראַגע אע.
אַ,־רעפֿאָרעם אא.

אַגראַ'ר־באַוועגונג — די, ־ען. באַוועגונג
פֿון, צווישן אָדער לטובֿת די וואָס באַאַרבעטן
לאַנד (צו הייבן עקאָנאָמישן אָדער פּאָליטישן
מצבֿ) פֿרידלעכע, רעוואָלוציאָנערע אַ'־ב'.
.
אַגראַ'ר־באַנק — די,...־בענק (אויך ־ען).
באַנק, אָרגאַניזירט פֿדן אָדער פֿאַר די וואָס

31

באַאַרבעטן אָדער באַזיצן לאַנד, צו געבן
קרעדיט אויף באָדן.
אַגראַ'ר־ווירטשאַפֿט — די, ־ן. 1.
לאַנדווירטשאַפֿט, אַגריקולטורעלע בעל־הבתּישקייט.
2. ווירטשאַפֿט פֿון אַ לאַנד (ג'), וואו די
הויפּטראָלע שפּילט לאַנדווירטשאַפֿט.
אַגראַר אַניזם — דער, ־ען. טעאָריע,
עקאָי
נאָמיש־פּאָליטישע באַוועגונג פֿאַר אַ מער
יושרדיקער פֿאַרטיילונג פֿון לאַנד אָדער פֿאַר
יושרדיקע פּרײַזן פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע
פּראָדוקטן.
אַגראַריער — דער, ־ס. 1. לאַנדבאַזיצער.
2. מיטגליד, אָנהענגער פֿון אַ פּאַרטיי (גרופּע)

וואָס פֿאַרטיידיקט אינטערעסן פֿון לאַנדבאַזיצערס.
אַגראַר־לאַנד — דאָס,...־לענדער. לאַנד וואו דאָס רובֿ אײַנוואוינערס פֿאַרנעמען זיך מיט אַגריקולטור.
אַגראַרנע — אַדי. סל. דזוו אַגראַר. „גענומען האָט זיך דאָס פֿון די אַ, קאָכענישן“, שע, אײַזנבאן־געשיכטעס.
אַגראַר־סאָציאַליזם — דער, ־ען. טעאָריע אָדער באַוועגונג אָפּצושאַפֿן פּריוואַט־אייגנטום פֿון ערד.
אַגראַ'ר־פֿראַגע — די, ־ס. דזוו אַגראַרע פֿראַגע, ← אַגראַר. געוויינטלעך אַ גאַנץ באַשטימטע שטרײַטפֿראַגע וועגן לאַנדבאַזיץ, לאַנד־פֿאַרוואַלטונג, לאַנד־באַאַרבעטונג. „די סאָצ אַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די סאָציאַלי
דעמאָקראַטן,...וואָס געוויינטלעך האָבן זיי זיך געקריגט וועגן דער אַ,־פֿ‘‘, שנ.
אגרוף ——־ [ע'גראָף] ־ים [עגרוי'פֿים]. < שמות, כא, 18. גרויסע פֿויסט; קולאַק. דערלאַנגען מיטן א, פֿילן דעם טעם פֿון א'. א ג ר ו ף
,
ר ש ע [רע'שאַ], < ישעיה, נח, 4. פֿויסט פֿון

שלעכטס, רשעות.
אַגר.אָלאָגיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
י
וויסנשאַפֿט וואָס שטודירט און פֿאַרגלײַכט
פּרימיטיווע מנהגים און פֿירונגען.
אָגרי□(ש)עק, אַגרי□(ש)□.
ארומגעגריק — דער,
־ז(ש)קעס. < פּויל, רוס. —
זשעטער איבֿערבֿלײַבֿ פֿון עסנוואַרג. פֿון דער
גאַנדז זײַנען געבֿליבֿן בלויז אָ'ס. אַן אָ,
פֿון צוקער. 2. שטיקל, שניצל. אַן אַ, פּאַפּיר.
אַגרימאָניע — די, ־ס. < איי < ל, גר.
נידעריקער געוויקס מיט גראָזיקן
שטאַם, געלע בֿלימעלעך, צאָן־
פֿאָרעמדיקע בֿלעטער און בֿערעלעך
(ווי פֿרוכט); פֿון רויזן־פֿאַמיליע.
וואַקסט אין פֿאַרשיידענע קלימאַטן.
קען זײַן פֿון אַ צען פֿאַרשיידענע
מינים. היילמיטל אין דער
פֿאָלקסמעדיצין. Agrimonia.
אַגרימענט — דער, ־ן. אמ. 1. הסכּם. "איך
בין אין אַ, מיט אים". 2. אָפּמאַך;
קאָנטראַקט. „דער סטרײַק איז געצעטלט און מיר
אַרבעטן אין שאַפּ לויט א נײַעם אַ'".

דזשענטלמענס־אַ, = אָפּמאַך בעל־פּה, אויף
ערנוואַרט.
אַגריקולטור — די, ־ן. < איי < ל.

וויסנאַגרעגאַציע

שאַפֿט, טעכניק פֿון באַאַרבעטן ערד,
קולטיווירן דעם באָדן (נעמט אַרײַן הן אַלע מינים
ניצלעכע געוויקסן, הן דאָס האָדעווען בהמות
און עופֿות). אַ'־שול = מיטלשול אָדער
הויכשול וואו מע שטודירט אַ', טעאָרעטיש און
פּראַקטיש.
אַגדיקולטוריסט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע,
־ס. דער וואָס שטודירט אָדער איז אַ
פֿאַכמאַן אין אַגריקולטור.
אַגריקולטורע'ל — אַדי. וואָס האָט אַ
שײַכות צו אַגריקולטור. אַ'ע נײַסן, אויפֿטוען.
אַגדירן — ← אַגרעאירן. מאַרשן, לשון זהבֿ.
אַגר־נטר — [אַגערנאָ'טער] דער. מצ נבֿ. תּל,
תּח. < בבא מציעא, סג/ב. געצאָלט פֿאַרן
וואַרטן; דער סכום וואָס אַ קונה צאָלט העכער
פֿאַרן געוויינטלעכן פּרײַז, ווײַל ער גיט ניט
דאָס געלט גלײַך בײַם קויפֿן אָדער וואָס אַן
אַרבעטער קריגט איבער די שׂכירות פֿאַרן

וואַרטן אויף זײַן לוין. [אַלץ וואָס איז א׳־נ, איז פּראָצענט (ריבית) און איז פֿאַרווערט, אָסור על־פּי תּל].

אַגר־נטרניק — [אַגערנאָ׳ט׳ערניק] דער, ־עס. פּאָד. וואָכערניק, פּראָצענטניק.

אָגרע — דער & די, ־ס. אויך: אָגער. 1. בײזער ריז, מענטשנפֿרעסער [אין פֿראַנצײזישן אאַ פֿאָלקלאָר]. 2. עקלדיקע און אַכזרי□דיקע באַשעפֿ□עניש.

אַגרעאַ׳בל — אַדי. גאַליציזם. 1. ליבלעך, אָנגענעם. אָנגעלײגט. 2. וואָס צו דעם קען מען צושטימען. „ — איר וועט דעם חובֿ באַצאָלן אין דרײַ ראַטעס“ — „גוט, ס׳איז אַ׳“.

אַגרעאירן — טרוו ־איר, ־אירט. אַרכ.

.

[סוחריש?] er□agr: □ □ >. צושטימען, מסכּים זײַן; אַקצעפּטירן. „ניט צווייפֿלי, א„א שי, ואמי תּ, דיזוש אַגרעאירן...“, אגרת שלמה, כ/בּ.

אַגרעגאַ׳ט — דער, ־ן. > איי > ל. 1. צונויפֿנעם; כּלל; מאַסע. סאָציאַלער אַ, = דער כּלל סתּם, ווי אַ היפּוך צו די באַזונדערע גרופּעס אין אים. 2. אָרגאַניזאַציע. „אָ, זאָלן

פֿול באַלאָדן זײַן מיט שריפֿט אַלע דײַנע אַ'ן,
אַלע דײַנן צעכן“, ע פֿינינבערג, 'אין ריזיקן
.
פֿײַער,. 3. סכום באַשטאַנדטײלן וואָס שאַפֿן
אַ גאַנצקײט. „כּדי עס זאָל זײַן אַ בנין איז
ניט גענוג אַ הויפֿן ציגל אָדער געהילץ, נאָ
אַן אַ, פֿון די בוי־מאַטעריאַלן“. 4. (
באָטאַניק) געדיכטער צונויפֿוואוקס (פֿון דעם
זעלביקן אָדער פֿאַרשיידנאַרטיקע מינים נעוויקסן).
5. (געאָלאָגיע) שטיין וואָס באַשטײט פֿון
קרישטאָל־מינעראַלן אָדער פֿאַרשיידענע
שפּליטערס.
אַגרעגאַטי'וו — אַדי. וואָס האָט די
פֿעאיקייט זיך צונויפֿנעמען אינאײנעם; וואָס האָט
די טענדענץ צו זײַן (ווערן) אַן אַגרעגאַט.
סטאַדיש, טשערעדיש.
אַגרעגאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
1 פֿאַר .יניקונג אין אַ כּלל, סכום. 2. (
סאָ.
ציאָלאָגיע) אַ נאַטירלעכע גרופּע מענטשן
(משפּחה, שבֿט; גרופּע יעגערס אע).

אַגרעגירן

אַגרעגירן — טרוו. ־גיר, אַגרעגירט.
צונויפֿנעמען, צונויפֿבינדן, צונויפֿשטעלן (אַ סכום, גאַנצקייט, קאָלעקטיוו).
אַגרעוועי'שן, ־וויי'שן — די, ־ס. אַמ.
ערגערניש, האַרצווייטיק.
אָגרעך — דער, ־ן. סל. < רוס, אוק. שטיקל פֿעלד וואָס מע האָט איבערגעהיפּט בײַם אַקערן.
אַגרעס — דער, ־ן. Mhd: ag]□ □; □ □: ag־ rest0; P: □ ־]□ibes □ossularia.
קײַלעכדיקע אָדער לענגלעכע יאַג..
דע (אָדער פּר□), גרויס ווי אַ ווײַנשל, קאַרש. וואַקסט אויף אַ שטעכיקן קוסט. שטאַרק זויער גרינערהייט (געניצט צום פּרעגלען), געשמאַק און זאַפֿטיק ווען צײַטיק. „אַגרעסין גיפּרעגלטע צוריבּענע און קענטלעך [מאַכט מען אַ בּרכה] בּורא פּרי העץ“, בּרכות מנחס [קעניגסבּערג תּרי„ח]. „וואָס פֿאַר פּירות געפֿינט איר ניט אינעם דאָזיקן גאָרטן? עפּל און בּאַרן, און ווײַנשל, און פֿלוימען, און קאַרשן, און אַגרעסן...“, שע, מאָטל. אַגרעס(ן)־ביימל, אַגרעס(ן)־קוסט. אַ'ן־אײַנגעמאַכטס; אַ'־

פּלעצל; אַ'־טאָרט. גרין ווי אַן אַגרעס. *גרינער אַ, = אומדערפֿאַרן, ניט צײַטיק. "דו ווייסט כאָטש, דו גרינער אַ, איינער, וואָס איך בּין צו דיר געקומען?", שע, צעזייט און צעשפּרייט. אַ'־גרין = גרינער קאָליר, ענלעך צום קאָליר פֿון אַגרעסן. „די אויגן שוועבּלען אַ,־גרין, די ווײַסע ליפּן שוימען", הר, פֿאַרנאַכט.

אַגרעס־אויגן — די. בּמ. העלע, גרינלעכע אויגן. אמד.

אַגרעסאָר — דער, ־ס. < איי < ל. אָנפֿאַלער. אַטאַקירער. דער וואָס רופֿט אַרויס געשלעג, קריג, מלחמה. „אין די בּיידע וועלטמלחמות איז דײַטשלאַנד געווען דער אַ,". אַדי:

אַגרעסי'וו — אַדי. < איי < ל. 1. אַרויס־יש ־ישקייט, די (דאָס), ־ן.

.

רופֿעריש, קריגעריש, אָנפֿאַלעריש; וואָס האָט בּדעה אַרויסצורופֿן (אָדער בּאַרעכטיקן) אַגרעסיע, אַ'ע אויסערן־פּאָליטיק. 2. ענערגיש, דינאַמיש; וואָס שטויסט (זיך) פֿאָרויס. אַ'ע פּלענער צו בּאַקעמפֿן די עפּידעמיע. אַ'ע נאַטור.

אַגרעסיווקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט

פֿון זײַן אַגרעסיוו. „לעצטנס מערקט זיך בײַ
אים אַן אַ„ ווי ער וואָלט באַק▯ מען נײַע
ענערגיע“.
אַגרעסיע — די, ־ס. < איי < ל. 1. אַנפֿאַל,
אַטאַקע (מצד אַ יחיד, גרופּע, רעגירונג) וואָס
איז ניט באַרעכטיקט, ניט פּראָוואָצירט געוואָרן
פֿון אָנגעפֿאַלענעם. אָפּמאַך וועגן ניט אַגרעסיע
-
= די מלוכות וואָס שליסן דעם אָפּמאַך זאָלן
ניט אָנפֿאַלן און ניט פֿירן קיין
בפֿירושפֿײַנדלעכע פּאָליטיק איינע בנוגע דער
אַנדערער. 2. (פּסיכאָלאָגיע) יעדער מין
אויפֿפֿיר זיך אַרויסצוהייבן, צו באַהערשן,
קאָנטראָלירן אַ צווייטן [מיט דער גרייטקייט אַרויכר
צורופֿן אומצופֿרידנקייט און פֿײַנלעכע
איבערלעבונגען בײַם צווייטן; מיט אַ נטיה
אַרויסצורופֿן שרעק אין צווייטן און דורכדעם אים
באַהערשן.]

אַגרעס־שפּאַנער — דער, ־ס. געלבלעכער
אינזעקט מיט
פֿיר

דורכלויכטנדיקע
פֿליגעלעך פֿון מין
ש פּ אַ נע ר ס.
קאַרבּט איַין זיַינע אייעלעך, לאַרוועס, אין
צוויַיגן פֿונעם אַגרעס־קוסט. די יונגע אַ־ש,
צעפֿרעסן די בּלעטער און די פֿרוכט. Abraנ▯as
.Iק▯ossu1ariata
אַגרעשאַ'נט — דער, ־ן. אַרכ. ־accro: ▯ >.
cher. האַטשיקל, אַגראַף ←. ,,אגו.ישאנטין מיט
רויט אונ, זילבּר בּאנד,,, ,פּנקס קהלת אה"ו,,
כּרוז פּו, תּפּ"ו [ייִבל, 3▯].
אגרתא — [איגאַ'רטע] די, ־תּות. 1. דזוו
אגרת. 2. פּעיאָ וועגן אַ בּריוו: צו לאַנגער
(נאַרישער, איבּעריקער, מיט אַ סך טענות
אָדער פֿאָדערונגען אע). גיב נאָר אַ וויַיז די
א, פֿון דעם תּכשיט. ק ר י נ א [קאַריאָנע]
ד א ג ר תּ א = שרייַבּער פֿון בּריוו [פֿאַרגריַיזט,
אייגנטלעכער בּ: ווער עס דיקטירט אַ בּריוו].
אגרת — [איגע'רעס] דער, ־ן. > 'אגרת
הפּרים,, אסתּר, ט, 29. 1. אָפֿיציעלער בּריוו,
לויט אַן איַינגעשטעלטן נוסח. ,,דעם האָט ער
געשריבּן אַן אגרתל צו דער כּלה, און דער
אַ לאהובֿי־בּריוול צום חתן", קמ, 1870, No

7. 2. בר־יוו וואָס איז אַ דעקלאַראַציע,
וויכטיקער דאָקומענט, קורצע בראָשור (
געוויינטלעך פֿון אַ באַרימטן מענטשן). א, ר, שרירא
גאָון, א, הרמב״ם. 3. שריפֿטלעכע מעלדונג
פֿון אַן אָרגאַן פֿון דער מאַכט; פּאָוועסטקע.
אַן א, זיך צו שטעלן צום פּריזיוו (ב3 מיט
בײַטעם פֿון ביטול אָדער שׂנאה). 4. סתּם
בריוול (גנבֿים־שפּראַך).
אגרת־אָרהות — [איגע'רעס־אָר'כעס] דער,
־ן. שריפֿטלעכע באַשטעטיקונג, אַרויסגעגעבן
פֿון קהל אָדער פֿון רבֿ, אַז דער און דער
איז אַן אָרעמאַן און מע דאַרף אים העלפֿן
(רחמנות האָבן אויף אים). בײַם בעטן אַ
נדבֿה ווײַזן אַן א,־אָ,, מהרש״ק, שו,,ת חלק ב,
סימן קפּ״א.
אָגרת בת מהלת — [אָגרעס (אַגראַס) באַס
מאַ'כלעס] נאָמען פֿון אַ קיניגין פֿון
טײַוולאָנים. ,,אַ מענטש זאָל ניט אַרויסגיין
אַליין מיטוואָך בײַנאַכט אָדער שבת־צונאַכטס,
ווײַל אָ, ב, מ', זי און 18 צענטויזנטער
טײַוולאָנים גייען אַרויס, און יעדערער פֿון זיי
האָט רשות שלעכטס צו טאָן״, איבֿז פּסחים,
קיב/ב. ,,עס איז שבת־צונאַכט, און אָ, ב, מ,
רײַט אום...נײַן רבוא מזיק□ם פֿון רעכטס, נײַן

רבּוא מזיקים פֿון לינקס“, אַל I, 'מײַן אַלטע
מינסקער היים'. „אויף אַ צעפּליקטן בּעזעם
איז פֿון הינטן נאָכגעפֿלויגן אָ, בּ, מ', די בּאָבּע
פֿון די שדים“, ייִט, טאָג, 1959 III □י 8.

אגרת המוסר — [איגע'רעס האַמו'סאָר] דער.
בּא. נאָמען פֿון אַ צאָל שריפֿטן פֿון מוסר
און שטראָפֿרייד, געשריבּן אין דער פֿאָרעם
פֿון צוואות פֿון טאַטעס צו קינדער אָדער פֿון
גרויסע רבּנים און לומדים צו דער וועלט. פֿון
די מער בּאַקאַנטע זײַנען: אגרת המוסר פֿון
רמבּ“ן צו זײַן זון; פֿון יהודה אבֿן תּיבּון צו

אגרת־שלום

זײַן זון ר, שמואל, און פֿון ר, ישׂראל
סאַלאַנטער מיט די יסודות פֿון מוסר־בּאַוועגונג.
„'האדם חפֿשי בּדמיונו ואסור בּמושכּלו„ האָט
ער געחזרט די ערשטע ווערטער פֿון ר, ישׂראל
סאַלאַנטערס א, ה'“, חג, ישיבֿה.

אגרת המלצה'...טליצה — [איגערעס
האַמלאָ'צע,...מליצע] דער. מצ נבּ. תּח.
רעקאָמענדאַציע־בּריוו מיט אַ סך לויבּגעזאַנגען,
מיט איבּערגעטריבּענע שבֿחים.

אגרת הקודש — [איגע'רעס האַקוידעש] דער.

בּא. זאַמלונג פֿון קורצע שריפֿטן פֿון אָדער אין נאָמען פֿון חסידישע רבּיים. ספּעצ נאָמען פֿון פֿערטן טייל פֿון תּניא (← אגרת התּשובֿה) אָדער זאַמלונג דרשות און בּריוו, קול־קוראס פֿון ר, שניאור־זלמן פֿון ליאַדי. „ווי דער רבֿ [ראַוו] איז געקומען פֿון פּעטערבּורג, האָט ער געשריבּן דעם מאמר אין א, ה': קטונתּי מכּל החסדים", קח...

אגרת התשובֿה — [איגע'רעס האַטשו'וואַ] דער. בּא. דרײַ דרושים פֿון ר, יונה גירונדי, אײַנגעטיילט אין זיבּן טיילן פֿאַר יעדן טאָג פֿון דער וואָך; מיט פּאָפּלערער ייִדישער איבּערזעצונג אין קרבּן־מנחה־סידורים. דריטער טייל פֿון דעם בּאַקאַנטן ספֿר תּניא פֿון ר, שניאורזלמן פֿון ליאַדי, דעם גרינדער פֿון דער שיטה חבּ„ד.

אגרת הילופֿים'...הליפֿין'...הלפֿים — [איגע'רעס כילופֿים,...כאַלי'פֿן,...כלאַפֿים] דער. מצ נבֿ. תּל. בּאַפֿולמעכטיקונג צו עמעצן אויסצוצאָלן געלט.

אגרת כּבֿוד — [איגע'רעס קאָ'ווער] דער. מצ נבֿ. רעקאָמענדאַציע־בּריוו. (אין לשון פֿון סוחרים).

אגרת לאַנשי שלומנו'...לאנ"ש —

[איגע'רעס לייאַנ'שיי שלוימיי'נו] דער. ברִיוו, ווענדונג, קול־קורא פֿון אַ רבין צו זײַנע חסיד[illegible]ם.

אגרת מזון — [איגע'רעס מאָזן] דער. מצ נבֿ. תּח. < מועד קטן, ד, ג. שריפֿטלעכע התחײַבֿות פֿון מאַן (אָדער פֿאַראָרדענונג פֿון גערִיכט צום מאַן) צו שפּײַזן די ווײַבֿ און די קינדער (פֿון זײַן ווײַבֿ, אויך די וואָס זײַנען פֿון אַ פֿריִערדיקן מאַן). „מיט אַן א, מ, קען מען קיין דירה־געלט ניט צאָלן און קיין בולוועס ניט קויפֿן“, שוו.

אגרת מרד — [איגע'רעס מע'רעד] דער. מצ נבֿ. < כּתובות, סג/בֿ, סד/א. דאָקומענט פֿון בית־דין צום מאַן אַז זײַן ווײַבֿ ווידערשפּעניקט אים (וויל מיט אים ניט לעבֿן), וואָס דאָס גיט דעם מאַן דאָס רעכט אָפּצוגטן די ווײַבֿ אָן כּתובה־געלט [אָדער צו דער פֿרוי אַז דער מאַן וויל מיט איר ניט לעבֿן, וואָס דאָס העכערט די כּתובה]. געניצט בײַם וויצלען זיך, גראָבֿלעך: „זי איז אַ יִדענע אַ ברען, איר דאַרף מען קיין א, מ, ניט שיקן“.

אגרת־שלום'...־שלומים — [איגע' רעסשאָלעם,...־שלוימים (־שלוימים)] דער, ־ס. בריוו פֿון פֿרײַנדשאַפֿט, וואו מע פֿרעגט זיך

נאָך אויפֿן געזונט, ווי עס גייט אע. „אתּן הודי, ושבֿח לאל דז איך כתבֿ א, שלמי,

ביקוא״ד

מן האבֿ ממכ„תּ [= ממעלת כבֿוד תּורתו]“, פּראָגבֿ, 39.
א״ד — ר״תּ פֿון: אינו דומה, איכא דאמרי.
אד, — קירצונג פֿון: אדום, אדומים, אַדון.
־אַד — סופֿיקס אין אינטערנאַציאָנאַליזמען מיט פֿאַרשיידענע באַטײַטן. דוגמאות: לימאָנאַד, פּאַראַד, מאַסקאַראַד.
אַדאָ, — אַדוו פֿטמ [ניט געניצט אין ליטרש].

·

דזוו אָט דאָ, טאַקע דאָ. שטעל זיך אַדאָ, שטיי ניט אַדאָרט. „אַ, איז ער באַלד געפֿאָרן צום רבֿין... אַ, האָבֿ איך זיך מיישבֿ געווען“, ייִל, וועלט־לוח, אַדעס תּרמ„ג.
אָד אָבֿסורדום — פּראַזע, ל. ביז צו אַן אַבֿסורד (קיצור פֿון לאַטײַנישן: רעדוקציאָ אַד אַבֿסורדום — דאָס דערפֿירן אַן אַרגומענט ביז אַן אומזין).
אָדאָגראַ'ף — דער, ־ן. < איי < גר. אינסטרומענט צו רעגיסטרירן דורכגעמאַכטן מהלך

בײַם פֿאָרן אָדער גײן.

אַדאַ(ד)זשיאָ — מוזט. < איט. 1. אַדוו. געלאַסן, פֿאַמעלעך (בײַם אויסדריקן סענטימענטאַלע, אידילישע שטימונג). 2. די, ־ס. טייל קאָמפּאָזיציע געשפּילט אין פֿאַמעלעכן טעמפּאָ. „אין די אַ'ס און אין דעם וויגן זיך פֿון טונקעלע מעלאָדיעס האָט מען געגלייבט צו הערן ווי עס וואַנדערט...„, ייִט, פּוילן.

אַדאָזשע — די, ־ס. סל. פֿטמ. קליידונג. „דער אַלטער האָט איר געבראַכט די אַ, וואָס זי איז געגאַנגען בעת דער חתונה“, פֿמ.

אַד אינטערים — פֿראַזע, ל. לפֿי־שעה, דערווײַליק.

אַד אינפֿיניטום — פֿראַזע, ל. ביז אָן־סוף, ביז אומענדלעכקייט.

אָדאַיע — די, ־ס. בעס.< רומ. אויך: אַדאַיע. 1. צימער, חדר. „ער האָט געהאַט אַ גרויסע, שיין מעבלירטע אָ, אין אַ רײַך הויז“. 2. מאַיאָנטיק, גוט. „...וועסט דיך באַזעצן בײַ מיר אויף דער אָ„ דרײַ ווערסט פֿון שטאָט„, משה אַלטמאַן, געקליבענע ווערק.

אָדאָלאַנעוו — גנ. ← דאָלינאָווע.

אַדאַלי'ן — דער. מצ נב. (מעדיצין) מיטל צי באַרויקן. קאָמערציעלער נאָמען פֿאַר

קאָרבראָמעל.
אָדאַליסקע — די, ־ס. אויך: אָדאַליס, ־ן.
< פּר < טערקיש. קעפּסווייַב אָדער באַדינערין אין האַרעם; פלגש (ספּעציעל פֿון טערקישן סולטאַן). „הימליש שיינע אָ'ס...גרײַזלט איינע אים דאָס בערדל, גלעט די צווייטע אים דעם שטערן“, אַל.
אַדאָלעסצ'ענט — אַדי. יוגנטלעך; וואָס פֿאַרמאָגט אייגנשאַפֿטן פֿון אַדאָלעסצענץ. „שרייַבט ער אַ ליד...וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ'ע שורות“, יג, תּוך.
אַדאָלעסצע'נץ — די. מצ נב. < איי < ל. לעבנס־עלטער פֿון נאָך די קינדעריאָרן ביז פֿולער דערוואַקסנקייט (אַן ערך 14—21).
אַדאַמאַ'נט — דער, ־ן. < גר. 1. אימאַזשינערער, זייער האַרטער מינעראַל. 2. דימענט וואָס צייכנט זיך אויס מיט באַזונדערער האַרטקייט.

אַדאַמאַנטי'ן — דער, ־ען. מינעראַל וואָס האָט אַדאַמאַנט־אייגנשאַפֿטן. אַדי: ־יש.
אַדאַמאַסקין — דער, ־ען. אויך:

דאַמאַסקין, דאַמאַסק. שטאָף פֿון זײַד, וואַל, באַוול מיט אײַנגעוועבטע מוסטערן. גענוצט פֿאַר טישטעכער, פֿאָרטיערן, בעטצײַג. < דמשׂק, וואו דער סאָרט שטאָף איז צוערשט פֿאַבריצירט געוואָרן.

אַדאַמאַשקע — די, ־ס. דזוו אַדאַמאַסקין.

אָדאָמיזם — דער. < איי < אדם. דאָקטרין פֿון קריסטלעכע הערעטישע סעקטעס וואָס פֿלעגן אויף זייערע געבעט־אַסיפֿות אומגיין אָדם־נאַקעט, כּדי אימיטירן אָדמס אומשולד אין גן־עדן פֿאַרן חטא.

אַדאָמיט — דער, ־ן. ווג. ־ין, ־קע, ־ס. מיטגליד פֿון דער רעליגיעזער קריסטלעכער סעקטע, אויפֿגעקומען אין 11. יה, אָנהענגער פֿון אַ באַנײַטן אַדאַמיזם. אַדי. ־יש.

.

אָדאָמעטער — דער, ־ס. < איי < גר.

אינסטרומענט צו מעסטן
דעם מהלך וואָס אַ
וואָגן האָט דורכגעמאַכט,
לויט דער צאָל
דרייאונגען פֿון ראָד.

אָדאָנטאָ־ — < גר. צאָן. ערשטער טייל פֿון אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן, טערמינען אין שײַכות

מיט ציין.

אָדאָנטאָאי'ד — אַדי. צאָן־פּאָרעמדיק, צאָןענלעך.

אָדאָנטאָגראַ'ף; — דער, ־ן. < איי < גר. אינסטרומענט אָנצוצייכענען די ציין פּאַר אַ צאָנראָד.

אָדאָנטאָלאַגיע — דער. מצ נבֿ. וויסנשאַפֿט וועגן אַנטוויקלונ קט אָגי I קראַנקייטן אָגיש

פֿון ציין. אַדי. ־ ־ ט, דער,־ן.

, סטרו ר או

. .

אָדאָנטאָליי'ט — דער, ־ן פּאָסיליזירטער

.

צאָן (וואָס מע געפֿינט אין אונטערערדישע פּלאַסטן).

אָדאָנטאָפֿאָר — דער, ־ן. < איי < גר. צינגל בײַ מאָלוסקן, באַדעקט מיט קליינע שטעכלקעס וואָס פֿירן אויס די פֿונקציע פֿון ציין. אַדי: ־יש.

אַדאַני'ן — דער. מצ נבֿ. . אַדאָניס. מעדיצינישער מיטל צו טרײַבן אורין. פּראָדוצירט פֿון

אַדאָניס־גראָז ←.

אַדאָני'ס — דער. מצ נבֿ. 1. פֿעניקישער אָפּגאָט; האָט סימבאָליזירט דאָס גיכע פֿאַרוועלקן אין הייסן זומער. [אַ רמז אויף אַ,, אין תּנך אנ ת מ ו ז — יחזקאל ח, 14: ,,ערשט דאָרט זיצן די ווייַבער און בּאַווײנען תּמוזן“, תּי.] 2. (גריכישע מיטאָלאָגיע) בּילד־שיינער יונגערמאַן, וואָס די געטין אַפֿראָדיטע האַט זיך אין אים פֿארליבּט און האָט אַזוי האַרצרײַסנדיק בּאַקלאָגט זײַן טויט, אַז די געטער האָבּן דערלויבּט אַ'ן אַראָפּנידערן צוריק אויף דער ערד אויף 6 חדשים אין יאָר. סוף זומער פֿלעגן געפּראַוועט ווערן אַדאָניסישע חגאָות. 3. צונאָמען פֿאַר אַ שיינעם אָבּער ניט־מענערישן יונגנמאַן. 4. איר. פֿאַצעט פֿראַנט. אַדי

,

־יש. ־ניזירן (זיך) = אויפֿפּוצן (זיך). פֿאַרהערלעכן (זיך).

אַדאָפּטיר־מוטער

אַדאָניס־בלימל — דאָס, ־עך. גיפֿט □ ק געוויקס
פֿון דער ראַנונקל־משפּחה,
וואַקסט אין כמעט אַלע
ערדטיילן. אַ,
עסטיוואַליס און אַ, ווערנאַליס
ווערן געניצט ווי
סטימולאַנטן בײַ האַרץ־
קראַנקייטן. A(1onis.
אַדאָניס־גראָז — דאָס. מצ נבֿ. גראָזיק
געוויקס וואָס פֿאַרמאָגט אַ סך טרויבן־צוקער,
גלוקאָז. A(lonis amurensis.
אַדאָנק — פּרעפּ. [צונויפֿשמעלץ פֿון אַ
+דאַנק]. ווײַזט אויפֿן מענטשן, (געשעעניש,
זאַך) וואָס צוליב אים (זיי, דעם) קומט אַרויס
אַ טובֿה, עפּעס גוטס (און בכן קומט אַ דאַנק).
,,אַדאַנק אים האָב איך באַקומען די שטעל‘‘.
[פֿרגל מיט: אַ דאַנק דיר פֿאַר מײַן שטעל].
,,אַדאַנק מײַן פֿרײַנד בין איך ניצול געוואָרן‘‘.
,,אַדאַנק דער קריסטין איז דאָס קינד לעבן
געבליבן,,. ,,מע האָט אונדז ניט דערזען אַדאַגק
דער פֿינצטערניש‘‘. [אין ריידשפּראַך געניצט
אויך מיט בֿ: מ ח מ ת , א י בּ ע ר און
בינדט זיך אויך מיט אומגינציקע רעזולטאַטן.]
אַ דאַנק גאָט — דזוו גאָט צו דאַנקען (

אַרײַנגעשטעלט אין מיטן זאַץ אָדער אויך
זעלבשטענדיק ווי אַן ענטפֿער). „—וואָס איז עפּעס?
לאָז מיך שלאָפֿן. — ווערסט זיך אויסשלאָפֿן.
שלאָפֿסט(,) אַ דאַנק גאָט(,) זייער געשמאַק“,
יר I. „אַ דאַנק גאָט, איך דאַרף נאָך ניט פֿאַלן“,
יד, דעך קריזיס.

אַדאַפּטאָמעטער — דער, ־ס. < איי < גר.
אינסטרומענט צו מעסטן גראַד פֿעאיקייט פֿון
צופּאַסן זיך צו נײַע סטימולן. אַדי: ־
מעטריש.

אַדאַפּטאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
צופּאַסונג צו נײַע תּנאָים. ספּעצ פֿעאיקייט פֿון
אויג זיו צוצופּאַסן צו שינויים אין
אינטענסיווקייט פֿון ליכט. כ ר אָ מ אַ ט י ש ע אָ,
— פּראָצעס וואָס דער זע־מעכאַניזם מאַכט דורך
בײַם אויפֿנעמען קאָלירן. ס אַ צ י אַ ל ע א,
— פּראָצעס וואָס דער יחיד מאַכט דורך בײַם
אויפֿנעמען און צופּאַסן זיך צו די
פֿאָדערונגען פֿון דער (נײַער) סבֿיבֿה.

אַדאָפּטאַציע — די, ־ס. < איי < ל. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון אַדאָפּטירן; דאָס
דורכפֿירן נייטיקע פֿאָרמאַליטעטן בײַם אַדאָפּטירן
אַ קינד.

אַדאַפּט'יוו — אַדי. וואָס האָט די פֿעאיקייט

צו אַדאַפּטירן (זיך); וואָס קאָן צוגעפּאַסט ווערן.
אַדאָפּטירט — אַדי. 1. וואָס איז געזעצלעך געוואָרן אַ משפּחה־מיטגליד דורך אַדאָפּטירן. אַ'ער זון, אַ'ע טאָכטער. 2. וואָס איז געוואָרן אייגנס דורך איבערנעמען. אַ, לאַנד, אַ'ע אידיי(ע). „אַ טעמע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קאָפּ בײַם שרײַבער וועט אַרויסקומען גאַרנישט דער ערך געראָטענער ווי אַן אַ'ע טעמע“, מוק, באַגעגענישן I.
אַדאָפּטיר־מוטער — די, ־ס פֿרוי וואָס לטערן

.

האָדעוועט אויס ניט איר קינד....־ע
— פּאָרפֿאָלק וואָס נעמען איבער די פֿליכטן

אַדאַפּטירן

▯

אויסצוהאָדעווען ניט זייער קינד....־פֿאָטער
— מאַן פֿון אַ'־מ'.
אַדאַפּטירן — טרוו. ־טיר, אַדאַפּטירט.
1. בײַטן כּדי צוצופּאַסן צו אַ נײַער
סיטואַציע, פֿאָרעם. אַ אַ פּיעסע פֿון אַ
דערציי,

-

לונג. 2. צופּאַסן איין אָביעקט צו אַ צווייטן
(כּדי זיי צו פֿאַרבינדן). אַ, איין רער אין אַ
צווייטער. 3. (מיט ז י ך) — זיך צופּאַסן
צו נײַע לעבנס־תּנאָים. אַ, זיך צו אַ נײַ לאַנד,
אַ נײַער געזעלשאַפֿט, קולטור. טוער. ־טירער.

.

אַדאָפּטירן — טרוו. ־טיר, אַדאָפּטירט. 1
פֿרײַ.
וויליק און געזעצלעך אַרײַננעמען עמעצן אין
דער משפּחה. ״טאָ זאָל ער מיך צונעמען פֿאַר
אַ זון (אַדאָפּטירן) און די פֿירמע זאָל הייסן
מאיר נאטהאַנזאָן עט זאָהן״, קמ, 1864, No 21.
,,אים אַרויסגענומען פֿון אַ קליינשטעטלדיקער,

שנײַדערישער משפּחה, און אים אַדאָפּטירט“,
בערג. 2. אָננעמען אַ צווייטנס אידיי(ע),
מיינונג. 3. אַרײַננעמען אַ פֿרעמדן אויסדרוק,
וואָרט אין דער אייגענער שפּראַך. אַ, בייזבאָל
אין ייִדיש. 4. אָננעמען די געזעצן פֿון נײַעם
לאַנד (בײַם ווערן אַ בירגער). טוער. ־טירער.

.

אַדאַ'פּטן — טרוו. אַדאַ'פּט, אַדאַפּטעט (אין
קאַנאַדע און ענגלאַנד: אַדאָפּטן) אַמ. (to): <
a(1oPt. 1. אַדאָפּטירן (אַ קינד). 2. אָננעמען
(פֿאָרשלאָג, רעזאָלוציע). אַדאַפּשן =
אַדאָפּטירונג.
אַד אַקטאַ — פֿראַזע, ל. צו די אַקסן (דה
צולייגן אַ דאָקומענט צו די אַקטן פֿון אַ
געריבטלעכער אונטערזוכונג). פֿיג: מער זיך ניט
אָרײַנלאָזן אין עפּעס אַן ענין.
אַדאַקטיליע — די, ־ס. < איי < גר.
אָנפֿינגערדיקייט; אייגנשאַפֿט פֿון געבוירן ווערן
אָן פֿינגער. אַדי. ־ליש = אָנפֿינגערדיק (בײַם

.

קלאַסיפֿיצירן בעלי־חיים).
אַדאַ'קס — דער, ־ן. אַנטעלאָפּ פֿון אַפֿריקע
און אַראַביע מיט לאַנגע,
געפֿלאָכטענע הערנער און אַ

ווײַסן פֿלעק אויפֿן שטערן.
לעבט אין גרעסערע סטאַדעס.
.A()(a
אַדאָראַטאָר — דער, ־ן.
< ל. פֿאַרערער, ם[אַרליבטער. ,,ער איז מײַן
אַ,,,. ,,...זוכט [זי] זיך טאַקע באַלד נאָך דער
חתונה אָפּ אַ'ן פֿאַרערערס", טמז, 29 1959 III.

,
אַדאָ'רט — אַדוו פֿטמ [ניט געניצט אין ליטרש].

דזוו אָט דאָרט, טאַקע דאָרט. ,,וואָס שטייסטו
אַדאָ,? שטעל זיך אַדאָ'רט!"
אָדבּאָ'ר — דער, ־ן. סל. < אוקר, וור.
סאָרטירונג; אָפּקלײַב. ניט קיין געראָטענער
אָ, פֿון די פּירות.
אָדבּאָרשטשיק — דער, ־עס. ווב ־שטשיצע,
־ס. סל. < וור, אוק, רוס. אָפּקלײַבער,
סאָרטירער. אַ געראָטענער אָ, פֿון פּירות.
אָדביאַנקע — די, ־ס. פּד. < פּויל.
זשעלאַטינען פֿאַרביק בילדל אויף אַ קאַרטל (פּאַפּיר)

,
וואָס מע באַנעצט און דריקט צו אויף אַ
וואַנט (שויב, בוך); עס קלעפּט זיך אָן און
בלײַבט, ווען מע וואַשט אַראָפּ דאָס פּאַפּירל.

„מיידלעך האָבן ליב געהאַט צו באַפּוצן די
ביכער און די העפֿטן מיס אָ'ס“.

34

אדברה וירוה לי — [אַדאַ'בראָ ווײַ'רוואַך
לי] איובֿ, לבֿ, 20. ,איך וועל ריידן, און
מיר וועט פֿרײַער ווערן'. 1. אויסדרוק וואָס
מע ניצט איידער מע הייבט אָן צו ריידן וועגן
אַ שווערן קאָמפּליצירטן ענין וואָס דריקט.
דזוו „אַז מע רעדט זיך אַראָפּ פֿון האַרצן ווערט
גרינגער אויף דער נשמה“, שוו. 2. ערשטע
ווערטער פֿון אַ סליחה פֿאַר עשרה בטבֿת פֿון

,

אַ פּיוט יום־כּיפּור.
ארג״ל — ר״ת: און דאָסגלײַכן, און דעס(ט)־
גלײַכן.
אד, גר — קירצונג פֿון אדומים גרעאַנדעט(ע).
אַד דעליבעראַנדום — פֿראַזע, ל. ביז דעם
באַהאַנדלען (דה אָפּלייגן ביז מע וועט זיך
באַקלערן וועגן דעם ענין).
אַד האָ'מינעם פֿראַזע, ל. צום מענטשן.

קיצור פֿון: אַרגומענטום אַ, ה„ ווען אין אַ

וויכּוח באַניצט מען ווי אַן אַרגומענט דעם
דיספּוטאַנטס אייגענע ווערטער אָדער מעשׂים,
אָדער אַנשטאָט זיך צו שטיצן אויף לאָגישן
באַוויַיז פֿאַררופֿט מען זיך אויף אַ מענטשן.
אַד האָק — פֿראַזע, ל פֿאַר אַ באַשטימטן
.
צוועק, אויף דערוויַיל. אין פּאַרלאַמענטאַרישן
לשון: אַ ציַיטוויַיליקע קאָמיסיע, באַשטימט פֿאַר
אַ געוויסער עובֿדה.
אַדהכי — [אַדהאָ'כי (...כע)] אַדוו. תּל. תּח.
ביז דאַנען; ביז וואַנען. אַ, ווען מען ליַידן?
אַדהכי והכי = ביז וואָס־ווען, ביני־לביני,
ביז מע קלייַבט זיך אויס עפּעס צו טאָן. „אַ,
וה, פֿעלט מזל־ברכה„„ שוו = אויך: מע קען
ניט אויפֿטאָן (דערגרייכן) ווען מע קווענקלט
זיך צו לאַנג. „אַדהכי והכי קומט אַ צווייטער
(אַ שוואַרציאָר), און כאַפּט אויס" —
אָנצוהערעניש אויף קידושין, נט/א: .אַ, וה, אתא אינש
אַחרינא מקדש לה, — דערוויַיל קומט אַ
צווייטער מענטש און איז זי מקדש. „אַ, וה, האָט
זיך אַראָפּגע אַוועט אַ פֿיַיער פֿון דעם הימל אין
י
דער מערה אַריַין..."‚ דלוגאַטש, די
וועלטמסורה, וואַרשע 1881.

אַדהעזיִע — די. מצ נבֿ. < אײ < ל. 1.
מאָלעקולאַרער פּראָצעס בײַם באַהעפֿטן זיך פֿון
צוויי קערפּערלעך צואַנאַנד. 2.
צונויפֿהעפֿטונג פֿון צוויי חפֿצים דורך אַ קלעפּמיטל.
3. קינסטלעכער צונויפֿבונד פֿון צוויי
שכנותדיקע טײלן פֿון קערפּער נאָך אַן אָפּעראַציע
אָדער אָנצינדונג.
אַדהערירן זיך — אוטוו. ־ריר זיך, זיך
אַדהערירט. < אײ < ל. זיך אָנשליסן, צושטיין.
„צום טרויער־אַקט האָט זיך אַדהערירט דאָס
גאַנצע ייִדנטום“.
אַדה״ר — ר״ת פֿון: אדם הראשון. „תּא חזי,
קום און זע בשעת דער נחש הקדמוני האָט
פֿאַרפֿירט דעם אדה״ר מיט זײַן ווײַב חוה“, נוצ.
אַדואַנע — די, ־ס. שפּאַ. 1. צאָל(אַמט).
2. טאַריף אָפּצאָל אויף סחורות.
-

אָדוואַבען — טרוו. ־בע, אָדוואַבעט. אויך:
~וואַביען. פֿר. abi יl(o: > . אָפּשטויסן;
אויסניכטערן. פֿריִער צוציִען צו זיך, דערנאָך
אָ,. אָ, עמעצן פֿון זיך מיט פֿאַלשע שטיק.
אָדוואַבען זיך — אוטוו. ־בע זיך, זיך
אַדוואַבעט. פֿאַרלירן (פֿריִערדיקע) אילוזיע(ס),

אויפֿאַדוויז

הערן שפּינען חלומות; אויפֿהערן זײַן פֿאַרנאַרט. אָ, זיך פֿון עמעצן.

אָדוואַ'זשען זיך — אוטוו. ־זשע זיך, זיך אָדוואַזשעט. פֿטמ. סל. < אוק, פּויל. דזוו אָטוואַזשען זיך, זיך דערוועגן. זײַן העזהדיק, מוטיק. „וואָס רעדסטו? אַזוי האָט ער זיך אָדוואַזשעט? זעסטו, עס געפֿעלט מיר דווקא פֿון אַזאַ קאַליקע די דרייסטקייט“, טייטלבוים, אויפֿן שוועל.

אָדוואַך — דער, ־ן. פּד. < פּויל. פּאָליצייסטאַנציע. ער האָט אים פֿאַרהאַלטן און אים אָפּגעפֿירט אין אָ'. „...איז אַ צײַט געזעסן אין אָ'„, פּערלע, גילדענע פּאַווע.

אָדוואַכטע — די, ־ס. < פּויל. וואַרטע, וואַך. דזוו אָדוואַך.

אָדוואָלאַניע — די, ־ס. פּד. < פּויל. צוריקרופֿונג (פֿון אַ דעקרעט פֿאַראָרדענונג).

,

אַד וואַלאָרעם — פֿראַזע, ל. ווערדליק דעם ווערט (פֿון דער זאַך), בשײַכות מיט שטײַעראָפּצאָל אויף אימפּאָרטירטער סחורה.

אַדוואָקאַ'ט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

< ל. 1. ווער עס פֿאָרטיידיקט די אינטערעסן
פֿון אַ צווייטן (אַ קל□ענט) פֿאַר געריכט־
אָרגאַנען. „אליש איך בין עם בּני ר, יוסף אים
ניינטין חדש גיטראָגין דאָז אמי תּי, וואָש צו
טון גיהאט בייא איין אטפֿיקאט דער אופֿים
פּפֿערט מאַרק גיוואונט“, גה, 186. 2.
מליץ־יושר, פֿאַרטיידיקער. „איך וועל אָנריידן דעם
יצר־טובֿ ער זאָל פֿאַרטרײַבן דעם דאָזיקן
אומגעריכטן אַ, וועלכער איז געקומען אין מיטן
דערינען מלמד זכות זײַן אויף דער כּנסת
ישׂראל“, ממוס, 'בּישיבֿה של מעלה'.
אַדוואָקאַטור — די, ־ן. פּראָפֿעסיע,
בּאַשעפֿטיקונג פֿון אַדוואָקאַט. „לעבן לעבט ער מער
פֿון קאָרטן ווי פֿון אַ'“, שע, אײַזנבּאַן־
געשיכטעס.
אַדוואָקאַטיש — אַדי. 1. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אַדוואָקאַט. 2. וואָס איז
ווי בּ□ אַן אַדוואָקאַט, אַ'ע מינעס, אַ'ע
דריידי
לעך.
אַדוואָקאָטער, אַדוואָקאַץ — שפּאָט־לשון
פֿאַר אַדוואָקאַט. נפּ, ייִפֿיל II.
אַדוואָקאַטשיק — דער, ־עס. וונ נבֿ. < רוס.
יונגער, אומדערפֿאַרענער אַדוואָקאַט; סתּם

אַדוואָקאַט (פּעיאָ). „אַ יונגערמאַנטשיק אַ□ אַ, האָט
איר לעבן, אוי־ווײ, פֿאַרפֿירט“, פֿל.

אָד□וואַנטשיק — דער, ־עס. רוסיצ.
בלאָזערל, בלאָזבלום,
חזירבלום. וואַקסט אין אַלע
קלימאַטן אין מער ווי 100
מינים, טייל פֿון זיי האָבן
היילנדיקע סובסטאַנצן. פֿון
די וואָרצלען פֿון באַרגיקע
אָ'עס באַקומט מען גומי פֿון הויכער קוואַליטעט.

.,]□a][□)□acum o□c□nale

אָד וויוואום — אַדוו פֿראַזע, ל. אַזוי ווי אין
לעבן, פּינקטלעך. „...המנש וואונדרי הישטארי
אד וויפֿום צו רעפּרעזענטירן צו גאָטש היגשטן
גלאָרי“, 'אחשורוש־שפּיל פֿון 1718„ פֿש II.

אַדוו'יז — דער, ־ן. אַרכ, סוחריש. > איט.
מעלדונג, אָנווײַז. „אַ, של טראַטא שלו...
פּרעזענטירט„„ אגרת שלמה, יא/א.

אַדוויזירן

אַדוויזירן — טרוו. ־יר, אַדוויזירט. אַרכ,
סוחריש. > איט. לאָזן וויסן; מעלדן. „צו גלײַך

אדוויזורי דש...טראסירט הבי לאורדר...סך ר,,ן ר״ט קוראַנט“, אגרת שלמה, ד/א.

אָד'וויריק — דער, ־רקעס. < אוק. בּײַשטידל, אושאַק. ,,דיא פּאַפּרעטשקי פֿין דעם אָ, אין דער קרעטשמי...האָט זיך מיט דעם גאַנצין געבּײַא...אויפֿגיהויבּין כּדי דעם בּעשטס וואָגין זאָל קענין אַרײַן אין קרעטשמי אַרײַן“, יפּ. ,,דײַנע שוועלן און די אָ'רקעס וועל איך בּויען און דײַנע טויערן וועל איך דערהייבּן,,, נ. נ. הנובֿר, שערי ציון, זשיטאָמיר, 1849.

אַדוועטיזם — דער. מצ נבֿ. קריסטלעכע דאָגמע און בּאַוועגונג אין אַמעריקע, געשאַפֿן פֿון טעאָלאָג וויליאַם מילער, וואָס האָט פֿאָרויסגעזאָגט קריסטוסעס ווידערקומען אויף דער ערד, אין 1843־44.

אַדוועטיסט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע, ־ס. אָנהענגער פֿון דער סעקטע וואָס האָט אָנגענומען אַדוועטיזם. אַ, פֿון 7טן טאָג — אַדוועטיסט וואָס האָט אָנגענומען שבּת ווי דעם הייליקן רוטאָג.

אַדוועטעדזש — דער, ־עס. אַמ. מעלה; פֿאָרצוג. האָבּן אַן אַ, איבּער עמעצן = האָבּן מער מעגלעכקייטן (דעה, רעכט). נעמען אַ, = אויסניצן צווייטנס שוואַכקייט.

אַדוועֶ'רבּ — דער, ־ן. < ל. (גראַמאַטיק) אומשטאַנדוואָרט. וואָרט (אינוואַריאַנט) וואָס ציט זיך צום ווערבּ אָדער צום אַדיעקטיוו אָדער צו אַן אַנדער אַ'; פֿירט אויס לגבּי דעם ווערבּ די זעלבּיקע פֿונקציע וואָס דער אַדי לגבּי דעם סובּסטאַנטיוו. אין ייִדיש האָט ניט דער אַ, (געווייִנטלעך) קיין דרויסנדיקע סימנים און קלאַנגיק פֿאַלט ער צונויף מיט דער קורצער פֿאָרעם פֿון אַדי: דאָס קינד ליגט ש ט י ל — אַן אַ', דאָס קינד איז שטיל — אַן אָדי. בּכן קען יעדער אָדי אין זײַן קורצער פֿאָרעם (אויבּ ער האָט צוויי פֿאָרמען) דינען ווי אַן אַ'. די צוויי כאַראַקטעריסטישע סופֿיקסן בּײַם אַ, זײַנען: ־ווײַז (קינדווײַז)

און ־ערהייט (קלײנערהייט). אַ'ן שאַפֿן זיך דורך צונויפֿבּינדן אָדער צונויפֿשמעלצן פּרע פּאָזיציעס מיט כלערליי אַנדערע מינים ווערטער: בּײַטאָג, אינגאַנצן, פֿאַראַכטאָגן אאַ. אַ בּאַזונדערער אופֿן אַקצענטירן קען דינען ווי אַן אָנווײַז אַז מע האָט צו טאָן מיט אַן אַ,, פֿרגל: איבּעראַנײַ'ס קומען מיטן זעלבּיקן ענין, מיט: זיך קריגן אי'בּער אַ נײַס אין צײַטונג. פֿאַראַן נאָך אופֿנים צו שאַפֿן אַ'ן: דערהויפּט, סײַווי־סײַ

אאַ. פֿאַראַן אַ'ן פֿון אָרט, צײַט, שטייגער, סיבה. ציל אאַ (אָפּהענגיק פֿון אופֿן קלאַסיפֿיצירן).
אַדווערבּיאַ'ל — אַדי. וואָס איז שייו צום אַדווערבּ; וואָס פֿירט דורך די פֿונקציע פֿון אַן אַדווערבּ. אַ, ע פֿ ר אַ ז ע — געבּונדענע
.

ווערטער־גרופּע וואָס איז אַן אַ'ע בּאַשטימונג אין זאַץ. בּאַשטימונגען פֿון אָרט, צײַט, שטייגער, סיבה, ציל אאַ זײַנען אַ'ע בּאַשטימונגען. דוגמאות: זיך טרעפֿן אויפֿן (פֿרײַען) פֿעלד, זיצן אין דער (אייגענער) היים; קומען צו דער מינוט; גיין אויף די שפּיץ פֿינגער; רויט ווערן פֿון כּעס.

אַדווערבּיש — אַדי. וואָס איז ווי אַן אַדווערבּ, למשל: אַ ביסל, אַ סך.
אַדווערזאַט'יוו — אַדי. < איי < ל. 1. וואָס איז אין היפּך צו עפּעס, סתּירהדיק, קעגנדיק, קעגנעריש. 2. (גראַמאַטיק) וואָס איז קעגנדיק, להיפּך אָדער אומגעריכט לגבּי דעם אַנדערן טייל פֿון זאַץ. אַ'ע קאָניונקציע, למשל: הגם,

כאָטש. אַ'ער אַדווערבֿ, למשל: פֿונדעסטוועגן.
אַדווערטייזמענט — דער, ־ס. אַמ. אַנאָנס,
-
רעקלאַמע. „דערויף זענען געשאַפֿן געוואָרן
צײַטונגען, דורכגעשפּיגעוועט...מיט
לעבֿעדיקע אַ'ס און שרײַענדיקע אַנאָנסן“, שע,
בּלאָנדזענדע שטערן.
אַדווערטייזן — טרוו. ־טײַ'ז, אַדווערטײַ'זט.
-
אַמ. a(1vertise: < . אַנאָנסירן, רעקלאַמירן.
טוער: ־זער.
אָדוטלעוואַטע — אַדי. סל. אָנגעבלאָזן,
אַראָפּהענגענדיק. אָ, באַקן.
אַדויענץ . פֿטמ פֿאַרגרײַזונג פֿון אוידיענץ ←.
„...האָט אים מיט איידלקייט געזאָגט אַז ער
זאָל גיין אין אַ'־קאַמער“, איסטאָריע יI. „ווען
איינער האָט אַן אַ, מיט דעם סולטאַן...“, איין
שיינע און ווינדערליכע מעע)ה פֿון איין פֿאַלשען
משיח, לעמבערג 1889.
אדוישעם — ← אדושם.
אדוישעמיק, אדושמיק — אַדי. נעאָל. וואָס
איז שייך צו אַדושם ←. פֿרום, גאָטספֿאָרכטיק.

„אַ קול אַ מאַמישער וועט זיך צעזינגען
הינצוריק, אַ קול אַ טאַטישער וועט זיך
צעדאַוונען א׳“, הל, „דער ווײַסער ניגון“.
אַדולאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
איבערגעטריבענע חניפֿה.
אַדולאַ׳ר — דער, ־ן. < איי. העל־בלויער,
דורכזיכטיקער איידלשטיין פֿון ניט קיין
הויכער קוואַליטעט, באַקאַנט אויך אַן לבֿנה־שטיין.
פֿון [?] אַדולאַ, נאָמען פֿון אַ באַרגרוקן אין
דער שווייץ, הגם דאָרט איז אַ, ניט בנמצא.
אדום — [ע׳דעם] דער, ־ים [עדוי׳מים]. תּנ
1. צונאָמען פֿון עשׂו, יעקבֿס עלטערן ברודער.
„האָט עשׂו געזאָגט צו יעקבֿן: לאָז מיך אַ
שלונג טאָן...פֿון דעם דאָזיקן רויטן־רויסן...
דרום האָט מען גערופֿן זײַן נאָמען אדום',
← . ווײַטערדיקע ווערטער], תּי, בראשית, כה, 30.
2. נאָמען פֿון פֿאָלק און פֿון לאַנד אין דרום
פֿון א״י. „און א, האָט ניט געוואָלט לאָזן ישׂראל
דורכגיין דורך זײַן געמאַרק“, תּי, במדבר, כ,
21. „אויף אדום...איך האָב אַנטבלויזט עשׂון
...און א, וועט ווערן פֿאַר אַ שרעק“, תּי, ירמיה
מט, 7,10,17. „לעתיד לבֿא וועט גאָט משפּטן
אַלע מלכים פֿון דער ערד, אַז ער וועט
געדענקען די נבֿואה וואָס ישעיה הנבֿיא האָט געזאָגט

אויף א,,, [רמז אויף ישעיה, לד, 6 אאַ], מלרה.
3. תּל. רוימישע מלוכה, רוים [איבּער פֿאַרבּינדונג צווישן הורדוס (וואָס איז געווען אַן אדומי) מיט רוים; איבּער דער ענלעכקייט פֿון 'על חרבּך תּחיה', בּראשית, כז, 40, פֿון אַמאָליקן אדום מיט רוים; איבּער יעקבֿס צרות פֿון עשׂון און די ייִדישע צרות אונטער רוים]. ,,...די רומיים וואָס קומען אַרויס פֿון א,“, נוצ II. ,,געדענק, דו גאָט, די קינדער פֿון א, דעם טאָג וואָס זיי האָבּן חרובֿ געמאַכט די שטאָט

אַדון

ירושלים“, מלרה. 4. (פֿון מיסלעלטער אָן) קאַטוילישע מאַכט, קירך. 5. יעדע מאַכס וואָס ייִדן זײַנען אין גלות אונטער איר. ,,דאָס איז דער סוד פֿון גלות־השכינה...ווען זיי זײַנען פֿאַרטריבּן געוואָרן קיין א', איז די שכינה מיט זיי,,, תּניא, 90. 6. דאָס ניט־ייִדישע, דאָס גויאישע אין עמעצן. א'קע וואַכט אין אים אויף. ,,אַז עס וועט אים חס ושלום ניט דערגיין זײַן געשמדטער האַלדז, וועט זײַן א, אויף...,,, יודישער פֿאַר־פּסח.
אָדום — [אָ'דעם] דער, ־ים [אַדומים]. תּנ.

1. עמעצער אָדער עפּעס, וואָס אַ גרונט־שטריך
פֿון דעם איז די רויטע פֿאַרבּ. רויטהאָריקער.
אַן אָ, איז אַ רמאי — פפֿ אַ רויטער איז אַ
.
רמאי (אָפּנאַרער). 2. קאָמוניסט, בּאָלשעוויק
— פפֿ צו אַ רויטער [געניצט אין פֿאַרשטעלטע
רייד, ווען מע האָט מורא צו ניצן די מער
פּאָפּולערע: רויטער, גדול].
אָדום — [אָ'דעם] דער, ־ים [אַדומים, אַדוי מים].
ס'רובֿ מצ. 1. רויטער פּוילישער גילדן (אין
פּוילן פֿאַר צעטיילונג סוף 18. יה), ווערט —
פֿופֿצן פּשוטע גילדן. „הונדערט אדומים קנס“,
פּנקס ליטא, תּקנות ועד שפ“ג און ועד שצ„ג.
„...אַצינד איז מיר אָנגעקומען צו צאָלן אַ חובֿ
פֿון דרײַ טויזנט אדומים און איך האָבּ גאָר קיין
פּרוטה“, קח. „...ער וועט פֿון מיר האָבּן דבֿרים
רעים, אַז ער וועט איר ניט געבּן אַ מאה
אדומים כאָטשע“, יא, גענאַרטע וועלט. 2. נאָמען
פֿאַר פֿאַרשיידענע גאָלדענע מטבּעות אין
פֿאַרשיידענע צײַטן און לענדער. אַ'ים
גערזאַנדעטע = מיט אַרומגעשניטענע קאַנטן.
אדומי — [עדוימי] דער, ־מים. ווער עס
שטאַמט פֿון אדום, איז אַ מיטגליד פֿון פֿאָלק
אדום. הורדוס דער אדומי. שפּאַסיק:

רויטהאָריקער [אויפֿן סמך פֿון אדום־רויט].
אַדומים מעות — [אַדומים מאָעס] די. בּמ.
אַלטפּוילישע גילדנס: גאָלד־געלט. „זי
פֿאַרמאָגט ערך שני מאות אַלפֿים א, מ'“, קח.
אדומיש — [עדוי'מיש] אַדי. וואָס האָט אַ
שײַכות צו, וואָס איז ווי אדום [עדעם].
אדומל — [ע'דוימל] דאָס (די), ־לעו. < אדום
= עשׂו. וורר. פּיאַווקע, “אונדזער רופֿא האָט
מיר אָנגעזאָגט למען השם אַראָפּצובּרענגען
עטלעכע טוץ...אדומלעך...אויף מײַן שאלה:
פֿאַרוואָס עפּעס אדומלעך? ענטפֿערט ער: די
פּאַנסקאַ־מאָהילעווער פּיאַווקע איז אַ רויטינקע
און אַ גוטע בּלוטזיינערקע, און אדום, עשׂו
הייסט עס, איז או□ך געווען אַ רויטער און אָ
גוטער בּלוטזייגער“, בּרוסילאָוו, בּײַ די טײַכן
פֿון פּאָלעסיע.
אדומקע — [ע'דעמקע] דער, די, ־ס. 1.
שלעכטע(ר) גוי(ע). „אַ שבּת־גוי זאָל זײַן אַזאַ א'“!
2. שלעכטער מענטש בּכלל (אויך וועגן אַ
ייִדן). “אַז די יוכע צעקאָכט זיו אין אים,
ווײַזט ער אַרויס סאַראַ א, ער איז“.
אַדון — [אַדאָ'ן] דער, ־ים [אַדאָ'נים]. א“י. הער
(בּײַם ווענדן זיך אָפֿיציעל, אויך אין
געוויינטלעכן שמועס). דער אַ, וועט מיך אַנטשולדיקן.

„אַ,...וויפֿל איז דער זייגער?“. או􏰀ך: אַדוני [אַדאָני,] = מײַן הער. „אַ', איר האָט פֿאַר. געסן די טעקע“. „ניין, אַ, פֿאָר אָזאַ פּרײַז

קען איך ניט פֿאַרקויפֿן־.

אָדון

אָדון — [אָדן] דער, ־􏰀ם [אַדוי'נים]. תּנ. 1. האַר, הערשער שׂררה. גיין צום אָ'; אַראָפּנעמען דאָס

היטל פֿאַרן אָ'; זיך שרעקן פֿאַרן אָ, אאַזוו. „ס'וואַקסן אויס אַדונים פֿיל ווי גראָז, קומען אָנצורײַבן אים אַ נאָז“, ממוס, יודל. 2. פּריץ, גרויסער לאַנדבאַזיצער. האַנדלען מיטן אָ, אַליין. „,...האָט אים געוויזן אַ בריוו פֿון אַן אָ', פֿינף מײַל פֿון מעזשביזש“, שבחי􏰀עשט. „דאָס האָט זי אַ ברבה פֿון אַ גאַנץ גרויסן מענטשן, אַז זי זאָל זײַן אַ חשובֿע בײַ אַדונים“, קמ, 3 .31 1866, No. אָנפֿירער פֿון אַן אַמט, הויכער באַאַמטער. ניט גיין צו די נידעריקע, גיין צום אָ, אַליין. שווער אָנצוקומען צום אָ'. „קריכן דורך דער הינטערטיר און

זײַנען גרייט אויף אַלע פֿיר צו סאַנצן פֿאַרן אָ'", פֿרוג III, 'אינעם געסל,. ,,איך בין
אַרײַנגעקומען צום אָ, אין קאַבינעט אַרײַן און געטראָפֿן
אים בײַ דער רעכטער אַרבעט", שע. ,,אַ גוטער
(טובֿער) אָ, — ער נעמט אין יד אַרײַן".
4. ספּראַוווניק, פּאָליציסס, נידעריקער
באַאַמטער. ,,אַז דער אָ, ווייסט פֿון כל דבֿר שורש
הע פֿט ניט קיין חורש", שוו. ,,סאַמע
סליחותצײַס האָט מען אַראָפּגעשיקט צו אונדז אין
שטעטל איינעם אַ נײַעם אָ'", שע. 5. יעדער
פֿאָרשטייער פֿון מאַכט (אָפֿט אין פֿאַרשטעלטן
שון). ,,נאַרישע ייִדענע, זאָלסט ניט דבֿרן,
וואָרעם דער אָ, איז מבֿין כל דיבור", שע.
6. חשובֿער מענטש (אויך ייִד). ,,האָבן מיר
געבעטן אָט דעם אָ, ר, אַבֿרהם, ער זאָל מוחל
זײַן...", ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. ,,...קאָכט
די שיינע וועטשערע ווי פֿאַר דעם גרויסן אָ,
פּאַסט", הר, הרודעס, 'אָנגעלייגטער גאַסט,.
. איר אַנשטאַט הער. ,,דער אָ,־הרעדאַקטאָר

האָט מיר אָנגעוויז[מיטן גרויסן פֿינגך א
מיטן טיש...,,, פּר, פֿעליעטאָנען. *ווערן אַ

נאַנצער אָ,.

אָדדן בּ קדך — [אָ'דן־בּייפֿאָ'קדעכאָ,...דאָך]
דער, ־ס. 1. ערשסע ווערטער פֿון אַ סליחה
ערבֿ ראָש־השנה און ערבֿ יום־כּיפּור [אין
פֿערזן, לויטן סדר פֿון א"ב, מיט אַן
אַקראָסטיך פֿון מחבּרס נאָמען יצחק הכּהן
החבֿר, אין ll. יה] ,האַר, ווען דו דערמאָנסט...,.
2. גאַנצער מאַכער, קנאַקער, אויפֿטוער; ווער
עס האַט זיך פֿאַר אַ האַר און איז עס ניט
אין־דער־אמתן. ,,אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם, אַן
אָ'־בּ"', ממוס. ,,דער אָ'־בּ, בּײַם נגיד אין קלייט
און אין שטובּ", שע, קליינע מענטשעלעך.
3. נידעריקער בּאַאַמטער; אָנגעשטעלטער (מיט
בּיטול). ,,מי־יודע וואָס פֿאַר אַ קנעפּל, וואָס
פֿאַר אַן אָ'־ב, דאָס איז,,, שע, 'איבער אַ
היטל'. 4. (אין פֿאַרשטעלטן לשון) שפּיאָ,
געהיים אַגענט; פֿאַרדעכטיקער פּאַרשוין. ,,גאָט
-

ווייסט וואָס פֿאַר אַ נפֿש דאָס איז? אפֿשר גאָר
אַן אָ'־ב,,,, שע, 'פֿריילעכע קאָמפּאַניע'.
אונטערשיקן אַן אָ'־בּ'.
אָדון הגדול — [אָ'דן האַגאָ'דל] דער. מצ:

אַדונים הגדולים [אַדוי'נים האַגדוי'לים] (־ס).
1. גרויסער האַר, שׂררה, אָנקומען צום אָ, ה'.
„לאָזט ייִדעלעך דורכגיין דעם אָ, ה, אַליין,„
אר, ,דאָס טײַכל'. 2. אָנפֿירער פֿון
רעגירונגסאָנשטאַלט, העכסטער באַאַמטער;
גובערנאַטאָר,
פּאָליציי־מײַסטער אע. „מע האָט זיי דאָרטן

36

צוגעזאָגט צו פֿאַרשטופּן ערגעץ אין אַ לאָך,
אַז דער אָ, ה, וואָל זיי אַפֿילך ניט אָנקוקן„,
מוס, טאַקסע. „מ'האָט מיך געבראַבט צום
אָ, ה'", באַש. . אויסרוף צו וואָרענען אַז
ס דערנענטערט זיך אַ דײַטש. קאָוונער געטאָ.
י. קאַפּלאַ1, דאָס פֿאָ קסמויל אין נאַצי־קלעס.
אָרון הקון — [אָ'דן האַקאָ'טן] דער. מצ:
אַדונים הקטנים [אָדוי'נים האַקטאַ'נים], (־ס).
קליינער האַר'. נידעריקער באַאַמטער, וואָ,
האָט איבער זיך אַ העכערן, אַן אָדדן הגדול ←.
„אין זכות און מיטן חסד פֿונעם אָ, ה', פֿונעם
קנעפּל, האָבן מיר דערגרייכט צום אָדון
הגדול„, שע, 'לשנה טובֿה„.

אָדונטע — [אָ'דנטע] די, ־ס. האַרינטע: ווײַב פֿון אָדון ←. געוויינטלעך איר. אַ נײַע אָ, אויף מײַן קאָפּ.

אַדוני — [אַדוי'ני] דער. בּא. (געוויינטלעך נאָר אין ווענדונגען) מײַן האַר. 1. ווענדונג מיט דרך־ארץ, אַראָפּפֿאַל צו אַן עלטערן, חשובֿערן בײַם בעטן עפּעס, אויסטענהן זיך. ווענדונג אין בּריוו: אַ, מר... רבּ... „אפֿשר וועט איר, אַ', מיך אויסהערן„? 2. ווענדונג מיט איראָניע, בּיטול. „אַ, הרעדאַקטאָר... דו הייסט ציגל מאַכן.־־..גיבּ שטרוי!“, פּרץ, פֿעליעטאָנען. 3. בּײַם ריידן צו עמעצן (אין דריטער פּערזאָן) מחמת דרך־ארץ, אַראָפּפֿאַל. „,וועט אפֿשר דער אַ, מיך אויסהערן?„. „מײַן גרעסטער תּענוג איז, אַז איך זע דאָס ליכטיקע פּנים פֿון אַ,“, קח. 4. ערשטער טייל פֿון אַ צאָל טיטלען און ווענדונגען; אַ, קיניג, אַ, קייסער, אַ, פּריץ אאַ (זען ווײַטער). „,און וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס, אַ, פּריץ?“, שע, טביה. “...איז אים געפֿאַלן צו די פֿיס...: אַדוני השׂר, איך בּין דאָ אַהער געקומען בּפֿקודת הרבֿ...“, קח. „,איך זאָל קענען קומען צו דיר, א, שׂר, צו בעטן דיך...“ פֿאַוויר, גדולת יוסף.

—

,

אַדונ(י)נו = אונדזער(ע) האַר(ן).

-

אַדונ אָבִי — [אַדוי'ני אָ'וו] דער. בּא. מײַן
י
האַר דער פֿאָטער. ← אָבִי. אויך וו אַ סוביעקט
י
און אָביעקט פֿון זאַץ. ״אַ אָ, ז״ל פֿלעגט אַמאָל

,

זאָגן אַז אויף גוטע קינדער מעג מען מקנא
זײַן״. „איך האָב מער אַ, אָ, ניט געזען״. (תּמיד
וו אַן אויסדרוק פֿון דרך־ארץ, בײַם דערמאָנען
י

צום גוטן).
אַדוני (ה)מלך — [אַדוי'ני (האַ)מײַ'לעך] דער.
בּא. (געוויינטלעך נאָר אין ווענדונגען).
1. מײַן האַר (דער) מלך. ווענדונג צום קיניג;
כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן סטיל פֿון
פֿאָלקסמעשיות. „אַ, המ, — האָט גענומען שטאַמלען
דער פֿויגל פֿון אימה און שרעק — ווען
פֿאַרזאַמלען זאָלן זיך די פֿייגעלעך...„, יהואָש,
'דער פֿייגלשער שמשון'. 2. אויך בײַם ריידן

צום קיניג אין דריטער פּערזאָן אָדער וועגן קיניג. „זאָל אַ, המ, באַווייליקן„. „....און דאָס אַלץ האָב איך צעשפּריצט ווײַל איך האָב געוואָלט באַדינען אַ, המ'“, קח. „אַ, המ, מיט אַ זויערער אוגערקע זיצט אויפֿן פּלאַץ, מיר וועלן אים געבן אַ טור(ע)קע“, פֿון פּורים־פֿאָלקלאָר (פּינסק). 3. נאָמען פֿון אַ פֿריילעכן ניגון. „דער שרײַט ווידער: שפּיל מיר אַ וואָלעך! דער: ניין, שפּיל בעסער אַ, המ,!„, עט, לידער.

אַדון עולם

אַדונימלעך — [אַדוי'נימלעך] די. במ. האַרעלעך (מיט ביטול) קליינע, נידעריקע באַאַמטע; פּאָליציאַנטן פֿון נידעריקן ראַנג. „די אַ, זײַנען אויך גוטע כּלבֿים“.

אַדוני נתן ואדוני לקח — [אַדוי'שע'ם

 אדושם) נאָ'סאַן ווייאַדוישעם לאָ'קאַך] זאַץ. איובֿ, א, 21. גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען (אויסדרוק פֿון טרייסט אויפֿן טויט פֿון אַ מענטשן, ספּעציעל אויפֿן טויט פֿון אַ קינד ווי אויך אויפֿן טויט פֿון אַ מאַן אָדער

אַ ווײַ ני־למלר

.

— דוני
לעך] מײַן האַר, דער צווייטער פֿון (צום) קיניג, וויצע־קיניג, הויפּט־מיניסטער. ← אַדוני המלך, בּ1, בּ2. „אַ, ש'־ל', בּרוך הבּא, מזל מיט בּרכה אין אַ גוטער שעה!„„ לאַט, מאמאָן.

אַדונית — [אַדוי'ניס] די, ־ן. מדרש. חשובֿע פֿרוי; האַרינטע; ווײַבּ פֿון אָדון. „צום אָדון גופֿא קען מען ניט צוקומען, סײַדן דורך זײַן אַ', זי לאָזט זיך רעדן„.. „די פֿאַבּריק איז אויף דער...גאַס, בּחצר הא, בּאָבּראָוו“, קמ, No ,1864 36, מודעות. „פֿאַראַיאָרן האָט די אַ, כאַסלערע געמאַכט איר בּן־יחידל“, קמ, 44 1868, No. „פּכע! האָט ער אויף איר מיטן קאָפּ אַ וואָרף געטאָן...אַ גאַנצע אַ, בּײַ זיך געוואָרן, איך זאָג דיר דעם אמת...„„ בּערג, אין אַ פֿאַרגרעבּטער שטאָט. אַדוניתטע — פֿטמ, אָפֿטער מיט בּײַטעם פֿון בּיטול, איר.

אָדוננו מורנו ורבּנו — [אַדויניי'נו, מוירײ'נו וועראַבּיי'נו] מצ; אַדונינו, מורינו ורבּינו. אומזער האַר, אונדזער לערער, אונדזער רבּי (פֿירער). ערן־טיטל פֿאַר אַ גרויסן רבֿ, חסידישן רבּין. ווערט געוויינטלעך געגעבּן אין

ר״ת: אדמו״ר, מצ: אדמו״רים.
אַדונע(ווע)ן —. [אַדאָ'נע(ווע)ן] אַדונ(עווע),
(גע)אַדונ(עווע)ט. א״י. < אָדון. 1. רופֿן אַדון,
באַטראַכטן ווי אַ באַלעבאָס (קאָנטראַקטאָר,
קבלן). „פֿרעגסט מיך מכּוח פּרנסה? גאָט צו
דאַנקען מ אַדונט מיך שוין“. 2. האַלטן אין

,

איין ווענדן זיך צו עמעצן מיטן וואָרט ,אַדון,
(ווי אין פּוילן: פּאַניע). „בײַ אײַך אין ישׂראל
האַלט מען אין איין אַ'ווען“.
אַדון עולם — [אַדוי'ן אוי'לאָם] דער. באַ.
1. האַר פֿון דער וועלט; אויסדרוק צו
באַצייכענען גאָט. „אַבֿרהם אָבֿינו ניצט אויס זײַן
הכנסת אורחים אַז דער אורח זאָל מאַכן אַ
ברכה, לויבן דעם בורא־יחיד, אַ, ע'“, לדבֿ.
2. נאָמען פֿון אַ תּפֿילה. ערשטע צוויי
ווערטער פֿון אַ תּפֿילה אין גראַמען, געזאָגט יעדן
טאָג צו שחרית באַלד נאָך מה־טובֿו און
יומטובֿ צום סוף פֿון דאַוונען (אין אַמעריקאַנער
שולן און סינאַגאָגעס איז אײַנגעפֿירט צו זינגען
א, ע, בציבור נאָכן דאַוונען פֿרײַטיק־צונאַכטס,
—
,
שבת און יום־טובֿ). [די תּפֿילה איז אַן אַלטע.

געווען באַוואוסט אין די צײַטן פֿון די גאונים; ר, שרירא גאָון האָט געזאָגט: ווער עס באַנעמט בײַם זאָגן אַ, ע, וואָס פֿאַר אַ שיינע תּפֿילה דאָס איז — קען זײַן זיכער אַז זײַן תּפֿילה וועט אָנגענומען ווערן]. *פֿון אַ, 'ע, ביז עלינו = פֿון אָנהייב ביסקל סוף. „עס זאָגט ניט קיינער אַ, ע', ביז עס גייט (איז ניט) פֿריִער מה־טובֿו„, שוו = מע דאַנקט ניט באמת

אַדון־עולמים

גאָט, סײַדן עס איז דאָ פֿאַר וואָס צו דאַנקען.

*ניט דאַרפֿן (מער) זאָגן אַ, ע, = ס איז (ס'וועט) זײַן אויס יום־טובֿ. „אַ שיינע כּפּרה אַז ער וועט גאָר אַוועקלאַטכען די יאָלדוּווקע! קיין אַ, ע, וועט שוין...לעמל בלויז ניט דאַרפֿן זאָגן„, אבֿג, דעקטוד. „אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געפֿעדערט אויפֿצושטיין...מע זאָל יך שטעלן זאָגן אַ, ע, מיטן אַלטן באַקאַנטן נוסח“, שע, מאָטל II. „אין גאַנצן דאַוונען איז זיי באַקאַנט נאָר...אַ, ע'“, בערג, בײַם דניעפּער I. שפּאַס. פֿאַרוואָס זאָגט מען ניט אין דער —. — -

אַלטער קהילה וואַרמייזאָ (וואָרמס) קיין אַ, ע'?
— מחמת אַדון מאַכט: אוי דו וואַרמייזער נאַר!
אַדון־עולמים — [אַדוי'ן־אוילאָ'מים] דער. בּא.
האַר פֿון (די) וועלטן; אויסדרוק צו
בּאַצייכענען גאָט. „אַז דער בּורא האָט אויף זיי רחמנות
געהאַט און זיי געגעבן גשמי־בּרכה, וועלן זיי
שוין דינען דעם אָ,־ע'„, לדבֿ.
אָדוק — [אָ'דוק, אָ'דעק] דער, ־ים [אַדו'קים].
> רשבֿ„ס, דבֿרים ז, 1 > בּבֿא־מציעא, ז/א.
ווער עס האַלט זיך פֿעסט בּײַ אַלע מצוות; ווער
עס איז זייער שטרענג אין זײַנע פֿרום־
אָרטאָדאָקסישע איבּערצײַגונגען; רעליגיעזער
פֿאַנאַטיקער. „דער אָ, איז שטרענג צו זיך און
שטרענג צו אַנדערע“. זן אויך: אַ פֿרומער
קריסט. טבֿיובֿ.
אָדוק בּאמונה זײַן — [אָ'דוק בּייעמו'נע]
צזוו, אוטוו. בּין (זײַ) אָ, בּ'; בּין (האָ□)
אָ, בּ, געווען. תּח. זיך פֿעסט האַלטן אָן (אין)
אַלע דינים און מצוות פֿון ייִדישער אמונה.
אָדוק בּמצוות זײַן — [אָ'דוק בּיימי'צוועס]
צזוו, אוטוו. בּין (זײַ) אָ, בּ'; בּין (האָ□)
אָ, בּ, געווען. תּח. זײַן בּיז גאָר שטרענג,
אָפּגעהיט אין אַלע פּרטים פֿון מצוות. כּל ימיו (אַ

לעבן לאַנ) אָ, בּ, זײַן.
אָדוק בּמשׂא־ומתן זײַן — [אָ'דוק
בּיימאַסעאומאַ'טן] צזוו, אוטוו. בּין (זײַ) אָ, בּ'־
ומ'; בּין (האָבּ) אָ, בּ'־ומ געווען. תּח. זײַן
שטרענג אָפּגעהיט אין געשעפֿטלעכע ענינים;
זײַן בּיז גאָר ערלעך בּײַם קויפֿן אָדער
פֿאַרקויפֿן (מיטן פּרײַז, וואָג אָדער מאָס, בּײַם
אָפּהיטן בּאַדינגונגען פֿון געשעפֿטלעכן אָפּמאַך).
אָדוק זײַן — [אָ'דוק, אָ'דעק] צזוו, אוטוו. בּין
(זײַ) אָ'; בּין (האָבּ) אָ, געווען. זיך פֿעסט
האַלטן בּײַ רעליגיעזע געבאָטן און
איבּערצײַגונגען; שטרענג אָפּהיטן אַלע מצוות. אָ, זײַן
אין דער קלענסטער מצווה. „קען מען זײַן מער
אָ, צו דער רעליגיע ווי דער ווינער הויף? דאָך
האָט מען בּאַשלאָסן...בּרעכן דעם קאָנקאָרדאַט“,
קמ, 12 1868, No. „דער המון איז אַזוי
פֿאַרקאָכט אין חזן, ווי אין מקדש ראשון זענען
די ייִדן אָ, געווען אין די עבֿודה זרה“, המדבּר
בּצדקה, מאת פּלאי, וואַרשע 1891.
אַדוקטאָר — דער, ־ס. וואָס עס פֿירט צו צו
אַ צענטער אָדער אַ צענטער־ליניע. (נאָמען פֿאַר
אַ צאָל מוסקלען אין גוף וואָס פֿירן אויס אָט
די פֿונקציע). אַדוציר, אַדוקציע.

אָדוראַטשען — טרוו. ־טשע, אָדוראַטשעט.
רוסיצ. אָפּנאַרן, אַרויסשטעלן פֿאַר אַ נאַר.
„מע האָט אים אַדוראַטשעט, געפֿירט אין באָד
אָרײַן און אויסגענאַרט פֿון אים דאָס געלט“.

37

מיט ז י ך , אוטוו = זיך באַנאַרישן. זיך אָ,
פֿאַר דער גאַנצער וועלט.
אַדו'רך . אַדוו. [דיאַלעקטיש אויך: אַדאָ'רך,
אַדע'רך]. פּטמ. 1. דורכויס, אינגאַנצן, (בײַם
אָנװײַזן אדיף אַ געוויסן סכום זאַכן). „דער
גאַנצער זאַק קאַרטאָפֿל איז פֿאַרפֿוילט אַדורך
(און אַדורך)“. 2. ב שך פֿון דער גאַנצער
(באַשטימטער) צײַט. „עס האָט גערעגנט דעם
זומער אַדורך“. „ער קען אָפּשטיין אויף די
פֿיס אַ גאַנצע נאַכט אַדורך“, אַש.
אַדורך — קאָנװערב [אויך: אַדאָ'רך,
אַדע'רך]. [קומט ווי א ין וואָרט אין אינפֿ
און פּאַר (אַדורכלויפֿן, אַדורכגעלאָפֿן) און נאָכן

שטאַם פֿון ווערבֿ אין אימפּ, אין איצ]. אין ריידן
אָפֿטער ווי אין ליטרש. דזוו דורך. קען זײַן אַ
בּיסל עמפֿאַטישער. קומט אויך צוליבֿ ריטעם.
„צעשטעלט זיך אין רייען, אַמאָליקע טעג...
איך וועל אײַך אַדורכגיין פֿון אָנהייבֿ בּיז
בּרעג“, אַר.

אַדורכ... — ← ווערטער וואָס הייבֿן
זיך אָן מיט דורכ־.

אָדורמאַ'נ(י)עווען — טרוו. ־עווע, ־עוועט.
רוסיצ. פֿאַרטשאַדען פֿאַרשיכּורן, צעמישן די
,
געדאַנקען פֿאַרבּלענדן. „די רייד פֿון דעם
דע,
מאַגאָג אָ, דעם עולם“.

אָדורען — טרוו. ־רע, אָדורעט. סל. < רוס.
פֿאַרפֿירן פֿאַרדרייען דעם קאָפּ, נאַריש מאַכן.
— ,
דער אָק(אָ)וויט האָט אים אָדורעט.

אָדו'שליווע — אַדי. רוסיצ. שסיקנדיק. „אין
צימער איז אָ„ ווײַל מע האָט דאָ צו פֿיל
אָנגערייכערט“. אויך: אַסטמאַטיש.

אָדו'שליווקייט — די (דאָס), ־ן. שטיקעניש,
שווערקייט בּײַם אָטעמען. אַסטמע, אָדישקע.

אדושם — [אַדוי'שעם] אָן אַרטיקל, בּא.

צונויפֿשמעלץ פֿון אדני + (ה)שם. אופֿן אַרויסרעדן גאָטס נאָמען, דעם שם הוי"ה [אַרויסרעדן דעם פֿיר אותיותדיקן נאָמען פֿון גאָט, דעם פּרט־נאָמען פֿון (ייִדישן) גאָט, איז פֿאַרווערט איבער דער הייליקייט פֿון דעם נאָמען. אַנשטאָט דעם האָט מען שוין (מסתּמא זינט די צײַטן פֿון די סופֿרים) אײַנגעפֿירט אַרויסצורעדן אדני (אין אַשכּנזישער הבֿרה: „אַדוינאָי") און מע האָט שפּעטער אונטער דעם שם הוי„ה געשטעלט די נקודות פֿון אדני (דאָס האָט געפֿירט צו אַ ניט־ייִדיש וואָרט, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען בײַ ייִדן: „יעהאָוואַ"). אָבער מחמת דעם וואָס דאָס וואָרט אדני ווערט כּסדר דערמאָנט אין תּפֿילות, בּרכות, בײַם לערנען די תּורה, איז עס אויך געוואָרן צו הייליק סתּם אַרויסצורעדן. איז געשאַפֿן געוואָרן א'].

א, ווערט גענוצט בלויז בײַם לערנען בּרכו, תּפֿילות, בײַם ציטירן פֿון דאַוונען, פֿון דער תּורה, אָבער פֿאַרבײַט ניט דאָס וואָרט גאָט (ווי למשל רבונו־של־עולם) אין געוויינטלעכן ריידן.

אדושמיק — [אַדוישעמיק] אַדי. נעאָל. וואָס איז שייך צו אדושם; פֿרום, גאָטספֿאָרכטיק. ← אַדוישעמיק.

אַדזוקי־בעבל — דאָס, ־עך. מין בעבל וואָס

וואָקסט אין יאַפּאַן און כינע. Phaseolus
אָדזיאַל, אָדזשאַל — דער, ־ן. פּד. < פּויל.
.angוI □ 1ari □

אָפּטייל; קלאַס, גרופּע. מײַן ייִנגל איז שוין

אָדיאָזשע

אין דריטן אָ, און די שול האָט זיבן אָ'ן. דאָס
בוך איז געטיילט אין פֿיר אָ'ן. אַן אָ, מיליטער.
„די חבֿרטע האָט אין געדאַנק אַפֿילו באַשלאָסן,
אַז ער איז אינגיכן אַ קאַנדידאַט אין איר
לונגען־אָ„„ טייטלבוים, אויפֿן שוועל. „יעדער
אָ'...האָט זיך דאַן באַשעפֿטיקט מיט באַזונדערע
זאַכן„, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878.
אַדזשאָסטמענט — דער, ־ס. אַמ. צופּאַסונג.
אויסגלײַך, אויסבעסערונג.
אַדזשאָסטן
— טרוו. אַדזשאָ'סט, אַדזש
. □
צואסטעט.
אויך מיט ז י ך. אַמ. a(1]ust □ □ ־ <.
פּאַסן פֿאַרבעסערן, צורעכט מאַכן, אויסגלײַכן.

-
,
אַ אַ טייל פֿון אַ מאַשין. 2. באַשטימען וויפֿל
,
צו באַצאָלן בײַ פֿאַרזיכערונג־תּבֿיעות. טוער:
־טער.
אַדזשדי'רנען — טרוו. אַדזשוי'רן, אַדזשוי'רנט.
(אויך: אַדזשע'רנען). אַמ. a(1]ourn: <.
שליסן, איבעררײַסן (אַ זיצונג); אָפּלייגן ב ד.
טראַכטן אַן ענין (אויף אַ באַשטימטער צי
אומבאַשטימטער צײַט). ־נעמענט, דער =
איבעררײַס, שליסונג (פֿון אַ זיצונג).
אַ(ד)זשיאָ — דער, ־ס. < איט. דיסקאָנט וואָס
ווערט געצאָלט בײַם אויסבײַטן איין וואַלוטע
אויף אַ צווייטער.
אָ'דזשיבאָק — דער, ־עס. לאָקל, לאָדזש.
(שטיק) מגושם, איבערגעוואַקסענער;
צעכראַסטעטער.
אָ'דזשיוויל — גנ. שטעטל אין ראַדעמער
קרײַז, קעלצער וואָיע. יy O(1:<.
צונעמע .שן: אָ'ער פויערן; אָ'ער ליקעס [=
הינטערגעסלעך4 [1856 — 531 קריסטן און 85 ייִדן;
1897 — l033 אײַנוו', דערפֿון 342 ייִדן].
אַדזשיטאַטאָ — אַדוו. מוזט. < איט.

אויפֿגערעגט, אומרואיק, אײַליק.

אַ'דזשעמער — דער. מצ ווי אצ. < אַראַבּיש.
א״י. בײַם אַלטן אַשכּנזישן ייִשובֿ כּלל־נאָמען פֿאַר פּערסישע ייִדן [אין אַראַבּיש: פֿרעמדער, מיט ביטול]. קאָס.

אַדזשע'נדע — די, ־ס. אַמ. סדר־היום, טאָגאָרדענונג.

אַדזשען זיך — אוטוו. ־זשע זיך, זיך געאַדזשעט. דזוו האַדזשען זיך. זיך עקלען, זיך מיאוסן.

אַדהיהן (זיך) — [אַדכאַיען] פֿטמ. □ זוו אָטחיהן (זיך) ←. פּפֿ. אָדהיהן זיך.

□

□

אָ(ד)טשיט — דער, ־ן. סל. פּר. < פּויל.
רעפֿעראַט, לעקציע. געבן, הערן אַן אָ,. גיין אויף אַן אָ'. אינטערעסאַנטע אָ'ן.

אַדיאַבּאַטיזם — דער. מצ נבֿ. < איי < גר.
(טערמאָדינאַמיק) אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון אַ גאַז אין אַן אָפּגעשלאָסענער כּלי, ווען עס קומט ניט צו און עס ווערט ניט פֿאַרלאָרן קיין

וואַרעמקייט. אדי: ־טיש.

אָדיאָז — אַדי. < ל (פֿאַרשפּרייט אין דרומאַמעריקע ווי אַ שפּא.). שטאַרק דערווידערדיק פֿאַרהאַסט.

,

אָדיאָזשע — די, ־ס. סל. < רוס, אוק. קליידונג, מלבוש(ים). „...טישלעך, פֿאַרשפּרייט מיט חסידישע אָ', קאַפֿטנס, לייַבלעך, פּעלצלעך וכּדומה“, קמ, 25 1870, No.

אַדיאַטערמיע

אַדיאַטערמיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר. (פֿיזיק) ניט־דורכדרינגלעכקייט פֿאַר כוואַליעס פֿון וואַרעמקייט.

אַדיאָ'ס — זוו. שפּאַ. דזוו אַדיע'. „ער האָט... אויסגעשטרעקט די האַנט און געמורמלט: אַ', אָ'“, בערל נרינבערג, אַנטאָלאָגיע פֿון ייִד, ליט, אין אַרגענטינע.

-

אָדיבֿ — [אָ'דיוו] דער, ־ים [אַדי'ווים]. < לאדיבֿ את נפֿשך (שמואל א, בֿ, 33). ווער עס איז

צאַרט, איידל, שטיל אין זײַן באַנעמען זיך מיט
מענטשן. אַן אָ', שטיל ווי אַ טויב, מע הערט
ניט קיין הויך פֿון אים. [שינוי אין בּ.]

□

אָדיבֿות — [אַדי'ווּעס] די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון אַן אָדיבֿ ←; טאַקטישקייט.
אָדיוולע — די, ־ס. פּאָד, בעס. דזוו האָדיוולע,
האָדעוואַניע.
אַדיוטאַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. אין אַרמיי־שטאַב געהילף פֿון קאָמענדאַנט.
„ייִדישע בריוו פֿלעגט דער אַדיוטאַנט פֿון פּאָלק
ניט ערלויבן צו באַקומען“, אַר, 'אָן אַן
אַדרעס'. 2. אַסיסטענט, געהילף. 3. נאָכגייער,
נאָכשלעפּער. זײַן שטענדיקער אַדיוטאַנט.
אַדיוטאַ'נט — דער, ־ן. פּאָפּולערער
צונאָמען פֿאַר אַ פֿלייש־פֿרעסנדיקן
שטאָרך אין די אינדישע זומפּן,
דערגרייכט אַ הייך פֿון 6 פֿוס
(דער צונאָמען נעמט זיך פֿון זײַן
שטאָלצן גאַנג ווי אַן אַ, בײַם
פּאַראַד). ubius □ tilus □]I ePto □ [ ][.
אָדיוטאָנטור — די. מצ נבֿ. אַמט און
פֿונקציע פֿון אַדיוטאַנט.
אַדיוטאָר — דער, ־ן. אַרויסהעלפֿער.

אַדיו'נקט — דער, ־ן. < איי < ל. 1.
געהילף־באַאַמטער וואָס דינט אונטער אַ צווייטן.
הויפּט־געהילף פֿון אַן אָנפֿירער פֿון אַן אַמט.
געריכט־אַ', שטײַער־אַ, אאַזוו. "...לויפֿן צום
מאַגיסטראַט בעטן דעם אַ אַז מע זאָל דעם
,
גבאַ אַרויסלאָזן,,, שכנא האָלץ העקער, לבֿוב
,
1891. 2. געהילף פֿון אַ לערער אין אַ
היכשול.
אַדיוסטירן — טרוו. ־טיר, ־טירט. אַרכ. 1.
געבֿן רעכט, באַפֿרידיקן (בקשה). ,,איך זאָל דיא
צײַט אָבסערפֿירן פֿיל לײַכט טוט ער מײַן
...
בּיט אַ'ן", מכירת יוסף פּפּמ, 1713. 2. צורעכט
,
מאַכן מלבושים (זיי זאָלן זײַן צו דער פֿיגור),
לאָקל, טשערנאָוויץ. 3. אויסקליידן לויט
מיליטערישע פֿאָרשריפֿטן.
אַדיוסטירן זיך — אוטוו. ־טיר זיך, זיך
־טירט. לאָקל, טשערנאָוויץ. זיך אָנטאָן (זיו
באַקליידן) לויט מיליטערישע פֿאָרשריפֿטן. ,,דאָס
יונגע אָפֿיצירל האָט זיך אַדיוסטירט אויפֿן
אייגענעם חשבון".

אַדיזנע — די, ־ס. < אוק. אויך: נאַדיזנע.
1. מתּנה פֿאַרן אַוועקפֿאָרן (געוויינטלעך קליינגעלט). 2. טאָג פֿון אָפּפֿאָרן. „אַז די אָ, איז געקומען זײַנען מיר אַלע אויפֿגעשטאַנען זייער פֿרי“.

אָ

'דיט — די (דער), ־ס. אַמ. 1. אָפּיציעלע, דיזשין — ← אָד(ר)יזשין.

אָ

פֿאָרמעלע רעוויזיע פֿון חשבּונות (אין בוכפֿירונג). 2. בּאַלאַנס; אָפּיציעלע מעלדונג פֿון

אָדיטאָר. ווערב: אָדיטן. טוער: ־טאָר (־טער).

אַדי□, — דזוו אַדיע,. בּעס. רומ.

אַדײַע — די, ־ס. בּעס. < מאָלדעוויש. אויך: אָדאַיע ←. גוט, פֿולוואַרק (מיט לאַנד, פֿעלדער, גערטענער). „סוף אָבֿ איז שוין מרדכי געווען אויף אַ'ס...ס'האָט אַ פּריץ געדונגען...“, אפֿא, יעקבֿס געצעלטן.

אָדין — אייבּערגאָט אין דער סקאַנדינאַווישער מיטאָלאָגיע, דער האַר פֿון חכמה, מלחמה און

פּאָעזיע. וואָדאַן.
אָדינאָטשקע, אָדינאָווקע — די, ־ס. < רוס.
איינצל־קאַמער אין תּפֿיסה. „געזעסן אין
אָדינאָטשקע“, הל.
אַדינאַמיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר. מצבֿ
פֿון פֿיזישער אָפּגעשוואַכטקייט. אַדי. ־מיש.

אַדיס־אַבע'באַ — גג. הויפּטשטאָט פֿון
אַביסיניע.
אַ'דיסאָן אַנעמיע — בייזוויליקע אַנעמיע,
קראַנקייט פֿון בלוט־פּראָדוקציע.
אַ'דיסאָן־קראַנקייט — די. קראַנקייט
אַרויסגערופֿן דורך אָפּשוואַכונג פֿון האָרמאָנען־
פּראָדוקציע אין די אַדרענאַל־דריזן. (אַן ענגלישער
מעדיקער, טאָמאַס אַדיסאָן, האָט אין די 70קער
יאָרן 19. יה דער ערשטער אויסגעפֿאָרשט און
באַשריבן אָט די קראַנקייט).
אָדיסיי, — הויפּטהעלד פֿון האָמערס פּאָעמע
„אָדיסייע“, קעניג פֿון איטאַקאַ און
איינער פֿון די גריכישע פֿירערס אין דער
טראָיאַנישער מלחמה, זיך אויסגעצייכנט מיט חכמה,
כיטרעקייט. אויך: אוליסעס.
אָדיסייע — די, ־ס. 1. נאָמען פֿון באַרימטן

אַלטגריכישן עפּאָס, צוגעשריבּן האָמערן, וואו
די צענטראַלע געשטאַלט איז אָדיסיי(אוס) אָדער
אוליסעס און ס'ווערט דערציילט וועגן די
ווענטורעס אויף זײַן וועג פֿון טראָיע אַהיים קיין
איטאַקאַ. „,די איליאַס', 'די אָדיסייע', און
אַנדערע בּאַרימטע מײַסטערווערק וואָס מאַכן אויס
אײַער און מײַן גליק„, קמ, 42 1870, No.
2. לאַנגע דערציילונג בּכלל וועגן שווערע
איבּערלעבּונגען, וועגן ווענטורעס. 3. לאַנגע
נסיעה מיט אַ סך שוועריקייטן און
אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען.
אַדיע, — דער. מצ נבּ. < פֿר. 1. ,צו גאָט'.
מיט גאָט פֿאַרשפּרייטע געזעגן־פֿאָרמל. „מיט
.
קלאַנג פֿון זייגער זאָגט זי אונדז אַ'“, אלצ,
תּוכחת חיים, ווילנע 1865. 2. אַקט פֿון
געזעגענען זיך. „דער אַ, איז געווען אַ
האָרציקער„. „אַל מלא רחמים האָט מען איר געמאַכט,
דאָס איז שוין איר לעצטער אַ',„ פֿל.
אָדיע — זוו, אַדוו. אוקר, בּעס. < אוק. גענוג,
גענוג שוין. נו, אָ', מײַן קינד, גענוג געוויינט!
„אָ, (שוין) קלאַפּן אין קאָפּ מיט דײַנע
מעשׂיות„. „אָ, פֿרעסן די גרינע אַגרעסן, וועסט
זיו אָנמאַכן אַ בּויכווייטיק“. „אַ, שוין וויינען,

אָ, שוין קלאָגן‘‘ פֿרוג. פּפֿ: האָדיע.

,

אָדיעזדנע — די, ־ס. אויך: אָטיעזדנע.
רוסיצ. דזוו אַדיזנע. „ווי גיט מען ניט דעם
רבין כאָטש אַ פֿינפֿערל און אַ שיינע אָ,
איבערלאָזן זײַנע קינדער‘‘, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעבע.

אַדיציאָנעל

אָדיענץ — ← אוידיענץ.
אַדיעקטיוו — דער, ־ן. < ל. (גראַמאַטיק)
אייגנשאַפֿט־וואָרט, בײַוואָרט. קומט מיטן
סובסטאַנטיוו ווי אַ קוואַליפֿיקאַציע אָדער
באַשטימונג. אַ'ן קענען זײַן: קוואַליפֿיקאַטיווע,
פּאָסעסיווע, דעמאָנסטראַטיווע אאַ. פֿונקציע פֿון אַ,
אין זאַץ: אַטריבוט אָדער טייל פֿון פֿרעדיקאַט
(אינאיינעם מיט אַ הילפֿסווערב). פֿאָרמעלע
סימנים פֿון אַ, אין ייִדיש: א) מעגלעכקייט צו
האָבן אַ לענגערע פֿ מיט אַ פֿלעקסיע און אַ
קירצערע אָן פֿלעקסיע: דער גוטער מאַן, די
גוטע פֿרוי, דאָס גוטע קינד — דער מאַן (די
פֿרוי, דאָס קינד) איז גוט; ב) אייגנשאַפֿט צו
קענען בײַטן די פֿלעקסיעס, אָפּהענגיק פֿון

גראַמאַטישן מין און בייגפֿאַל פֿון סובסטאַנטיוו
וואָס צו אים ציט ער זיך: מיטן גוטן מאַן, מיט
דער גוטער פֿרוי אאַזוו. ג) מערצאָל־ענדונג ־ע;
ד) כּמעט שטענדיקע פֿעאיקייט צו קענען שאַפֿן
פֿאַרגלײַך־גראַדן, קאָמפּאָראַטיוו און
סופּערלאַטיוו; ה) אָפֿט מיט אַ סופֿיקס וואָס קען קומען
נאַר אין אַ'ן פֿאַראַן אַ'ן וואָס האָבן ניט די
פֿע .
איקייטן א־ג: אַ ווילנער מאַן, אַ ווילנער פֿרוי,
—־ ווילנער אײַנוואוינערס. כּמעט ביז צום 20.
יה האָבן אויך אַ'ן פֿון סלאַווישע לשונות זיך
י ו געביטן לויטן מין און בייגפֿאַל. כאַראַק
טעריסטישע סופֿיקסן צו שאַפֿן אַ'ן: ־ן (זײַדן,
־ לדן) ־יק און ־דיק (פֿליישיק,
לעך (
גליקג ירושהדיק)
ש און ־ש (הינטיש, הימלש), ־
לעך, דערטרעגלעך אאַ). יעדער פּאַרטיציפּ
און אויך יעדער גערונדיוו קען אין ייִדיש
זײַן אַן אַ'. אַ'ן קענען ווערן גענוצט ווי
סובסטאַנטיוון: דער קראַנקער, דער דערשאָסענער
אַדיעקטיווירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַדיעקטיווירן. וואָרט פֿון אַן

אַנדער וואָרטקלאַס וואָס ווערט גענוצט ווי אַן
אַדיעקטיוו: ער איז אַ פֿערד. דו ביסט אַ נאָלד.
זי איז אַ יענטע.
אַדיעקטיווירן — טרוו. ־וויר, אָדיעקטיווירט.
ניצן אַ וואָרט פֿון אַן אַנדער וואָרטקלאָס ווי אַן
אַדיעקטיוו. מע קען אַ אַ סובסטאַנטיוו.

,

אַדיעקטיוויש — אַדי. וואָס איז ווי אַן
אַדיעקטיוו; וואָס איז שייך צו אַן אַדיעקטיוו.
אַן אַ'ע פֿאַרבינדונג, אַ'ע אייגנשאַפֿטז.
אַדיפּאָ־ — ערשטער טייל פֿון אַ צאָל
טערמינען. < איי < ל. וואָס האָט אַ שײַכות
צו פֿעטס.
אַדיפּאָגעניש — אַדי. וואָס פּראָדוצירט פֿעטס.
אַדיפּאָזי'ט — דער. מצ נבֿ. קאָרפּולענץ.
קראַנקער צושטאַנד מחמת איבערמאָסיקער
פֿעטקייט.
אַדיפּסיע — די. מצ נבֿ. < גר. דאָס פֿעלן פֿון
דאָרשט; דאָס אומנאָרמאַלע אויסמײַדן
טרינקען.
אַדיציאָ'ן — די, ־עז. מאַט. דטשמ. חיבור;
אַריטמעטישער אַקט פֿון צולייגן. „איר זאָלט
נאָך אַ סך ספֿרים געפֿינען, וואָס די זעלבע
סגולה איז דרינען: נעמלעך, אַז די פּשוטע אָ,

זאָל גלײַך זײַן צו מולטיפּליקאַציאָן“, מ.
מאַליניאַק, קמ, 3 1868, No.
אַדיצאָנע'ל (־נאַל) — אַדי. < איי < ל.
י
וואָס איז (ווי) אַ צוגאָב, (ווי) אַ

הוספֿהאַדיציע

אַדיציע — די, ־ס. 1. צוגאָב, צולייג, הוספֿה.
2. (אַריטמעטיק) חיבור.
אַדיקות — [אַדי'קעס] די (דאָס), ־ן. < אָדוק
+ ות. אייגנשאַפֿט פֿון אָדוק; שטרענג
פֿרומקייט, אָפּגעהיטנקייט אין די ק ענסטע
פּרטים פֿון מצוות און דינים. אין זײַן אַ, איז
ער ניט מוותּר אויף אַ קוצו־של־יוד.
אַדיקציע — די, ־ס. < איי < ל. שקלאַפֿישע
צוגעבונדנקייט צו אַ קראַנקהאַפֿטיקער
געוואוינהייט (צו אַ מעדיצין, נאַרקאָטישע מיטלען).
אַ, צו העראָאין, קאָקאַאין אע.
אַדיר — [אַ'דיר] דער, ־ים [אַדי'רים]. 1. (מיט
שינוי אין באַטײַט) זייער רײַכער, מאַגנאַט. אַ
גבֿיר אַן אַ', אַ ייִד אַן אַ,; דער גרעסטער אַ,
אין שטאָט. „...אַ גרויסער אַ', ווײַל ער האָט

עטלעכע מיליאָנען“, קמ, 37 1864, No. „צווישן גלופּסקער איז ער אַן אַ', אַ שׂררה, אַ לייב, ניט צוצוטרעטן“, ממוס, ,צוריק אַהיים'. „אַ קעניג איז ער, אַ גבֿיר, אַ גרויסער גבֿיר, אַן אַ', אַ מיליאָנער“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
„צו פֿלאַקס מוז מען האָבן אַ סך כּוחות...
[ער] איז אַ ייִד אַן אַ'...ער האָט געלט, אייגן געלט„, אר, ,פֿלאַקס'. [יע ווײַזט אָן: באַטײַט שטימט מיט רשי, נחמיה ג, ה]. 2. זייער שסאַרקער (לכתּחילהדיקער באַטײַט אין לק) אַ גיבּור אַן אַ', אַ גבֿר אַן אַ'. „...גיט אַ שאָקל שטאַרק די שטאַנג ווי אַ גבֿר אַן אַ'„, צײַט, 'עזאָטערישע פּאָעמע'. 3. אויסדרוק צו באַצייכענען גאָט < תּהלים, צג, 4; מנחות, נג/א.
אַדיר אַדירנו — [אַ'דיר אַדיריי'נו] דער. בא.
'מאַכטיק איז אונדזער מאַכטיקער'. 1. סוף קדושה פֿון יום־טובֿ. קומען נאָך אַ אַ, = קומען

,

שפּעט, נאָך דעם וויבטיקסטן. קומען נאָך אַ, אַ, און ניט הערן (זען) דעם בעסטן נומער פֿון פּראָגראַם. 2. אויסדרוק צו באַצייכענען גאָט.
„איך האָב אויך אַ צד אין טיש, איך פֿאַרלאָז זיך אויף אַ, אַ,“.
אַדיר במלוכה — [...בימלו'כע] דער. מצ נב.

< הגדה. דעה־זאָגער, מאַכטהאָבער. אָפּט איר.
← אַדיר־(ה)מלוכה.
אַדיר בּעליתו — [אַדיר בּאַאַליִ־יאָ'סוי] דער.
בּא. 'מאַכטיק אין זײַן אויפֿשטײַג (
הויכקייט)'. ערשטע ווערטער פֿון אַן אופֿן ←,
יום־כיפּור צו שחרית [ווערט געזאָגט שורותווײַז
פֿון חזן און קהל פֿאַרן אָפֿענעם אָרון־קודש.

פֿאַר איטלעכער שורה ווערט איבּערגעזאָגט
'קדוש, און נאָך איטלעכער שורה — ,בּרוך
שם כּבֿוד מלכותו']. געניצט איר צו
בּאַצייכענען אַ גבֿיר, ראָש־הקהל, שטאָטישן פֿירער
וואָס קומט אַרײַן אויף אַן אַסיפֿה (אָדער צום
דאַוונען) מיט גדלות און פּאָמפּע: ,,זעט נאָר
דעם אַ, בּ'!" ,,ער איז אַן אַ, בּ', עפּנט ער
ס'מויל — זעט מען אַז ער האָט נעבּעך ניט
קיין שׂכל".
אַדיר הוא — [אַ'דיר הו] פֿראַזע. ,מאַכטיק
איז ער'. ערשטע ווערטער און נאָמען פֿון אַ
פּאָפּולערן פּזמון (לויטן סדר פֿון א"ב) בּײַס
סוף פֿון דער פּסחדיקער הגדה. מע זינגט עס
אָדער זאָגט עס מיט גרויס פֿײַערלעכקייט און
פֿרייד (יעדער פֿערז ענדיקט זיך מיט: 'אַל בּנה,
אַל בּנה, בּנה בּיתך בּקרובֿ, = גאָט בּוי בּקרובֿ

דײַן הויז). [אַרכ נוסח אויך: ,,אַלמכטיגר גוט, בויא דײַן טעמפּל שירי אלזו שירי,,.]

אַדי'ר־הײפּט — דער, ־ן. > דײַטש. ־A(1(lier
.hauPtbuc] גאַליציע. הילפֿסבוך אין בוכפֿירונג, וואו יעדערער וואָס קומט געלט דער פֿירמע האָט אַ באַזונדערן חשבון. ,,הטראַטין... גם את כל הקוויט[ע]ש... לקח אותם מהחנות עם אַדיר הייבט...שהיה מונח שמה בתיבֿה...גם ה ירה את האדיר ייבט... כי הוא משונה... משאר אַדיר הייבטן,,, ר, יוסף שאול נאָסאַנזאָהן, שו,,ת שואל ומשיב, לעמבערג 1875, תשובֿה קצג.

אַדיר־(ה)מלוכה — [אַ'דיר־(האַ)מלוכע] דער, אַדירי־... [אַדי'ריי] (געווײנטלעך מצ). צבֿ. 'מאַכטיקער פֿון (דער) מלוכה'; מיניסטער, אַרמיי־פֿירער, גרויסער שׂררה. . אַדיר במלוכה.

אַדיר־התורה — [אַ'דיר־האַטוי'רע] דער, אַדירי־התורה [אַדי'ריי־...] געווײנטלעך מצ. , מאַכטיקער אין תורה, 1. גרויסער תלמיד־חכם;

חשובֿער, דעה־זאָגער (ווײַל גרויסער למדן).
„אַדירי־התּורה! קומט ראַטעווען די שול!„„
פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. 2. אויסדרוק
פֿון דרך־ארץ פֿאַר אַ גרויסן תּלמיד־חכם. ער
איז אַ גאָון־עולם, איינער פֿון די אַדירי־התּ'.
אַדיר ועצום — [אַ'דיר ווייאָ'צום] דער, ־ים
ו'ים [אַדי'רים ווייאַצו'מים]. צבֿ. [אַנשטאָט ,גדול
ועצום', בּראשית, יח, 18, אָדער ,רבֿ ועצום„
שמות א, 9 — ווערט דער ערשטער טייל:
אַדיר]. 'מאַכטיק און זייער שטאַרק'. ווער עס
האָט זייער אַ גרויסע דעה; מאַגנאַט. „אַז דער
טאַטע איז אַן אַ, וע, — לאָזט זיך אויס
בּוידעם“, ווענדראָף, ,פֿאַרגעסן די פּערל'.
אַדירות — [אַדי'רעס] די (דאָס), ־ן. תּל.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַן אַדיר. לעבן
אין אַ„; אַרויסווײַזן אַ„; מיט וואָסער אַ, ער
פֿירט זיך עס!
אַדירטע — [אַ'דירטע] ־ס. ווב פֿון אַדיר.
“נישט קיין וואונדער וואָס אַזאַ אַ, בּאַהאַלט
זיך אויס פֿאַרן רעגן. גראָד האָט זי זיך
געמוזט אויספּוצן אין עסיק און אין האָניק...“,
ייִט, טאָג, 29 1959 III.
אַדירי איומה — [אַדיריי אַיו'מאָ] ערשטע
ווערטער און נאָמען פֿון אַ פּיוט, דעם ערשטן

טאָג ראָש־השנה צו שחרית [מיט אַ
דרײַפֿאַכיקן א,,ב פֿון אלעזר הקליר, 7. יה] 'די
מאַכ,
טיקע אין גאָטספֿאָרכטיקייט'. ווערט שפּאַסיק
פּאַראַפֿראַזירט: אַ דירה איומה [אַ די'רע
אַיו.
מע] = אַ שרעקלעכע דירה [און אַדירי־מלוכה
ווערט פּאַראַפֿראַזירט: אַ דירה מלוכה = אַ
בּאַקוועמע דירה].
אַדי'רן — טרון. אַדיר, אַדירט. < דײַטש < ל.
צונויפֿרעכענען, מאַכן חיבור. הרבֿ זרח
איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג 1775; די נײַע
פּראַקטישע אַריפֿמעטהיקא, בּאַרדיטשעוו, 1891.
אָדירקע, אָדיערקע — די, ־ס. < רוס.
1. דזוו אָבֿדירקע, אָבֿדיריק. 2. מאָגערער
מענטש.
אָדיש — אַדי. וואָס איז אָנגעשריבֿן (קלינגט)
ווי אַן אָדע.
אַדישקע — די, ־ס. סל. < רוס. 1. אַסטמע.
לײַדן פֿון אָ,. 2. בּכלל שווערעקייט בּײַם ציִען

אָדליודניק

דעם אָטעם. ,,ער איז פֿעט און רעדט מיט

אַ'ס,,..
אַדכאַיען (אָדכאַיען) זיך — ← אָטכאַיען
זיך.
אַדל — דער, ־ס (־ען).Mhd: a(le1.־ .1
העכערער אָדער העכסטער גזעזעלשאַפֿטלעכער
שטאַנד; אַריסטאָקראַטיע. הויכער, העכערעך,
מיטעלער, נידעריקער אַ'. אַ ל ט ע ר אַ, =
מיט לאַנגן יחוס־בּריוו. ,,האָבּן זיך די אַ, און
די בּאַאַמטע צוגעשלאָסן צו דער קעגן־פּאַרטיי“,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,...דער העלד
אָן פֿאָרכט און טאַדל, מיטן אַלטן אײַזן, מיטן
אַלטן אַ'“, אַל II, 'דאָן קיכאָט'. אַ'־טיטל. ,,אין
וואַרשע דער קרוינשטאָט לערנען זיי אַ'־
מנהגים“, צײַט, יעקבֿ פֿראַנק. 2. פּני; העכסטער
שיכט לויט יחוס אָדער אַנדערע סימנים.
געהערן צום אַ', שטאַמען פֿון אַ,. ,,[אין ליט
איז תּורה ועבֿודה און ייִדישער אַדלשטאָלץ,
יחוס...און פּראַקטישער פֿאַרשטאַנד,,, קמ,
3 .43 1865, No. איידלקייט,
אַריסטאָקראַטישקייט. ער (זי) איז אַ שטיק אַ'. ,,טראָג אין
טרייסט פֿון דײַנע רייד דעם צייכן פֿון דײַן
אַ'“, יהואָש, אַריסטאָקראַטי'. ,,...זײַן
בּענק,
שאַפֿט נאָך דעם אַ'...אַרײַנגעחלומט אינעם

שטעטל‘‘, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן .II
 — דזוו האָדל, ייִדישער פּרויען־נאָמען (בּיַי
אַדלמאַן, אַדלפּרוי. ער (זי) איז אַן אַ,.
אַך

די וואָס רעדן ניט אַרויס קיין ה). ר, ישׂראל
בּעל־שם־טובֿס טאָכטער האָט געהייסן אָ'; לויט
חסידישער לעגענדע באַקומען דעם נאָמען אויפֿן
סמך פֿון ר,,ת פֿון 'אַש דת למו, (דבֿרים, לג,
2, תּי: ,,אַ פֿיַערדיק געזעץ פֿאַר זיי‘‘) ש. א.
אַדלדיק — אַדי. 1. וואָס איז שייך צום אַדל,
הורודצקי, החסידות והחסידים, I].

-

איז פֿון אַדל. אַ'ע פּריווילעגיעס. 2. וואָס איז
ווי בּיַים אַדל. אַ'ע פֿירונגען, מנהגים שפּרייטן
זיך אויס.
אַדלדיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון
זיַין אַדלדיק. אויפֿנעמען, זיך האַלטן מיט אַ'.
אַדלהייט — ← אַדלקייט. ,,אין אַ קורצער

צײַט האָט די בת־תּלמיד־חכם אַרויסגעוויזן איר
גאַנצע אַ'“, אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1865.
אַדלטום — דאָס, ־ען. אַדלשטאַנד; אַלע
אַדללײַט אינאײנעם ווי אַ גרופּע, קלאַס. דאָס אַ,
וויל זיך ניט אָפּזאָגן פֿון זײַנע רעכט.
אַד ליבּ — קירצונג פֿון אַד לי'בּיטום,
פֿראַזע, ל. ווי אײנעם געפֿעלט. 1. אי
פּראָוויזירט; גערעדט אָדער געשפּילט ניט
עלפּי צוגעגרייטן טעקסט. 2. (מוזט) אָנווײַז
אַז מע מעג בײַטן דעם טעמפּאָ און דעם טאַקט
ווי מע וויל אָדער אינגאַנצן דורכלאָזן.
אָ'דליגע, ־ליהע — די, ־ס. אויך: אָדליג,
אָדלעגע. < וור, פּויל. טוי־וועטער, דאָס
וואַרעמער ווערן אין מיטן אָדער סוף ווינטער,
ווען דער שניי הייבּט אָן צעגיין. „די אָ, און די
רעגנס האָבּן אָפּגעשווענקט דאָס טריפֿע בּלוט“,
אַש.
אָדליודניק, אָדליודעק — דער, ־עס, ־דקעס.
וונ ־ניצע, ־ס. < פּויל. סל. דער וואָס מײַדט
אויס מענטשן. שעמעוודיקער,
צוריקגעהאַלטענער מענטש.

אַד ליטעראַם

אַד לי'טעראַם — פֿראַזע, ל. אות באות,
בּוכשטעבֿלעד. ציטירן אַ, ל'.
אַדליק — אַדי. דזוו אַדעליק. „דען ער איז
גאָר אַ, פֿון פראָפּורציאָן“, מכירת יוסף פֿפֿמ,

,

.1713
אַדללאָז — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין אַדל.
אַ'ע געזעלשאַפֿט. 2. וואָס האָט ניט קיין
פֿײַנקייט, איידלקייט, אַריסטאָקראַטישקייט.
ג אַ, באַנעמען זיו.
אַד ט — מצ (אצ: אַדלמאַן). 1.
מיטגלידער פֿונעם אַדל, אַריסטאָקראַטן. “און אויף
די אַ, פֿון די קינדער פֿון ישׂראל האָט ער
ניט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט„, תּי, שמות,
כד, 11. 2. הויכגעשטעלטע, מיוחסים. „....
געשיקט בּריוו צו די עלטסטע און צו די
אַ, וואָס אין זײַן שטאָט“, תּי, מלכים א, כא, 8.
אַדלמאַן — דער. מצ: אַדללײַט. 1. מיטגליד
פֿון שטאַנד פֿון אַדל. אַריסטאָקראַט. דער אַ,
מיט זײַנע פּריווילעגיעס. 2. מיוחס,
הויכגעשטעלטע פּערזאָן. 3. איידעלער,
נאָבּעלער, ראַפֿינירטער מענטש. ס'איז גוט צו פֿירן
געשעפֿטן מיט אַן אַ,. מיט אַן אַ, פֿאַרלירט
מען ניט. אַ וואָרט פֿון אַן אַ'.

אַדלסבּריוו — דער. מצ דז. 1. יחוס־בּריוו, דאָקומענט וואָס בּאַווײַזט דעם אָפּשטאַם פֿון אַדל. „איטלעכער אַדלמאַן, וואָס האָט זײַן אַ, לענגער מיט אַ פּאָר יאָר ווי זײַן חבֿר, האַלט זיך פֿאַר אַ גרויסן מיוחס“, בּעל־מחשבֿות ‎ י.

2. דאָקומענט וואָס גיט אַן אַדל־טיטל צו עמעצן וואָס האָט פֿריִער געהערט צו אַ נידעריקערן שטאַנד. „מיר ווערלן דאָ איבּערזעצן דעם אַ, וואָס דער קייסער האָט געגעבּן דעם ייִדן“, קמ, 34 1863, No.

אָ'דלעהע — די, ־ס. < וור. 1. דזוו אָדליגע. 2. מאַשין אַרויפֿצוציִען די שיף־שטריק (אין די געגנטן אַרום דניעפּער).

אָדלעווניע — די, ־ס. פּד. < פּויל. גיסערײַ; וואַרשטאַט (פֿאַבּריק) אויסצוגיסן כּלים (חפֿצים) פֿון מעטאַלן.

אַדלען — טרוו. אַדל, געאַדלט. 1. געבּן דעם טיטל פֿון אַן אַדל, דערהייבּן צום אַדלשטאַנד. מע האָט געאַדלט דעם הויף־ייִד. 2. איידלען; מאַכן פֿײַן, איידל. תּורה אַדלט דעם מענטשן.

אָדלער — די, ־ס. Mhd: a. 1ar, a(11er.

1. גרויסער רויבּפֿויגל וואָס איז פֿלינק, שטאַרק, פֿליט הויך, מיט זייער שאַרפֿן חוש

הראיה; יאָגט זיך נאָך
קלענערע חיהלעך (האָזן,
קראָליקעס) קען כאַפּן אַפֿילו אַ
לעמעלע. ווערט גערופֿן ,דער
קיניג פֿון די פֿויגלען'. [פֿאַראַן זיבן אַכט
-
מינים אָ'ס: גאָלדענער אָ, מיט העל־ברוינע
פֿעדערן, ים־אָ, ←, פֿליך־אָ, ← אָדער ווײַסקאָפּ
אאַ.] הויך ווי אַן אָ, פֿליט. אַרויפֿוואַרפֿן
זיך, אָנפֿאַלן, פֿליִען, טראָגן זיך, שוועבן אאַ ווי
אַן אָ'. גיך פֿלינק, גרויס, שטאַרק, מוטיק, פֿרײַ
,
אא ווי אַן אָ'. אויגן פֿליגלען, אַ שנאָבל ווי בײַ
,
אַן אָ'. "אַן אָ, כאַפּט ניט קיין פֿליגן", שוו
[= אַ וויכטיקער מענטש פֿאַרנעמט זיך ניט
מיט נישטיקע זאַכן]. ,,בעסער אַ האָן אין האַנט
איידער אַן אָ, אין הימל,,, שוו. ,,אַ לעבעדיקע

שוואַלב (מיסטפֿייגעלע) איז בעסער ווי אַ
טויטער אָ',,, שוו. אָ , ־ א ו י ג = מיט שאַרפֿער
ראַיה. אָ , ־ ב ל י ק = וואָס דערזעט ווײַט,

גיך, אַ סך מיט איין בּליק. אָ , ־ ג ײַ ס ט = מוטיקער, גרויספֿאַרנעמיקער גײַסט. „אַלע זיבּן הימלען זײַנען אָפּגעשלאָסן...[פֿון] סמך־מם... און ס'איז דער אָ־גײַסט געבליבּן שטעקן אין דער קלעם“, אצג, מעפֿיסטאָ. אָ , ־ ה ו נ ט = דרעסירטער אָ, □ נעאָל. „מײַן אָ'־ה, קען קוים דערוואַרטן„, פֿריד־ווײַנינגער, אָוונט בּײַם פּרוט. אָ , ־ פֿ ל י = זייער הויכער, ווײַטער פֿלי.

אָ , ־ פֿ ל י ג ל (ע ן) = אויך: שטאַרקע(□) פֿליגל(ען). „איך האָבּ אײַך געטראָגן אויף אָ'־פֿ, און האָבּ אײַך געבּראַכט צו מיר“, תּי, שמות, יט, 4. אָ , ־ ש וו א ו נ ג (־ ק) = מיט בּרייטן, מוטיקן פֿאַרנעם. „געקעמפֿט האָט ער מיט אָ'־ש', מיט לייבּן־מוט“, הר, אונטער גאָטס הימלען.

2. (פֿיגוראַטיוו) שטאַרקער, מוטיקער, בּאַהאַרצטער, העלדישער. „ווען ווען אונדזערע אָ'ס צוריקקומען פֿון שלאַכט?“. „אָ, מײַנער! נעם מיך אונטער דײַנע פֿליגלען!“. 3. גוט פֿערד וואָס לויפֿט גיך (ס□ עציעל: טונקלבּרוין, שוואַרץ) [בּאַווירקט פֿון פֿפֿ: די פֿערד פֿליִען ווי די אָ'ס] „שוין געקומען לייזער מיט די אָ'ס“, שע, מאָטל. „וויאָ, וויאָ, אָ'ס מײַנע!“,

שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. 4. עמבּלעם מיט אַן
אָ,. בּײַ אַ צאָל מאָנאַרכן: צאַרן, האָהענצאָלערן,
האַבּסבּורגער. עמבּלעם פֿון פֿאַראייניקטע
שטאַטן: פֿליך־אָ'. ק ר ו י ן ־ אָ , = אָדלער אין
אַ מלוכהשער עמבּלעם. אָ'־אָרדן — אָרדן וואָס
אין זײַן עמבּלעם (פֿאָן) איז פֿאַראַן אַן אָ'.
5. זײַט פֿון אַ מטבּע מיט אַן אָ'. בּײַם וואַרפֿן,
דרייען, דריידלען אַ מטבּע, טרעפֿן: קאָפּ צי
אָ'? זײַט, צי אָ,? רעשקע (רעשעטע) צי אָ'?
,,דאָס איז אָבּער נאָר דער אָ, פֿון רענדל;
דאָס רענדל האָט אָבּער אַ רעשקע אויך,,, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ,,וואָס טוט דער אָ,
פֿון דער מטבּע מיטן שטעקן וואָס ער האַלט
פֿון אונטן? — ער טרײַבּט זי אונטער, זי זאָל
גיכער אַוועקגיין,,, מ. דלוגאַטש, וועלט־ סורה,
וואַרשע 1881. 6. אָפֿיציעלער שטעמפּל מיט
אַן אָ'. אַרויפֿלייגן דעם אָ,. ,,כּפּרה־הינדל אָדער
מײַזעלע האָט...געהייסן יענער וואָס איז אַרויס
פֿון דער היים אָן געשריפֿטס מיט אַן אָ',
פּאַספּאָרט הייסט עס", ממוס, ווינטשפּ. 7.
צען־דאָלאַרדיקע גאָלדענע מטבּע אין
פֿאַראייניקטע שטאַטן. 8. גנבֿ (גזלן) וואָס איז
אַנטלאָפֿן (פֿון טורמע). י. טריוואַקס, '
גנבֿימלשון'. 9. געשטערן, שטערנבּילד, אויפֿן

צפֿונדיקן הימל מיטן העלן שטערן אַלטאַאיר.

□ נויפֿה □ :יק, אָדלערמו □ דל □

ראויג,   :דלערפֿטן מיט פֿיג בבֿ

אָד ערבֿ   ,

שוואונק אא. „האָט נישט...קיין שאַרף

אָדלערראויג אַרומצונעמען ווײַטערע

האָריזאָנטן“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.

אַדלער אַנער — דער. מצ ווי אצ.

אָנהעני

ג □ ערין

— די, ־ס. נעאָל. זי פֿון אָדלער.

ר פֿון אַלפֿרעד אַדלער. ← אַדלעריש.

אָד

„...ווי וואָלקנדיקע אָ'ס מיט בליצן אין די

הערצער“, סוצ, אין פֿײַערוואָגן.

אַ'דלעריש — אַדי. וואָס איז על־פּי דער

אַדלשטאַנד

שיטה פֿון אַלפֿרעד אַדלער (1870□1937), דעם

ג □ ע □

י)ש — אַדי. 1. וואָס איז ווי בײַ

ינד ר פֿון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע.

אָד
(כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן אָדלער. אָ'ער
פֿאַרנעם פֿלי; אָ'ע אויגן. „...האָט אַ בליץ געטאָן

,

מיט די אויגן, און דאָס פֿולע מויל מיט
שאַרפֿע ציין האָט דערמאָנט עפּעס אָ'ס“, אָפּאַ,
אַליין. 2. וואָס איז שייך צו אַן אָדלער, איז
פֿון אַן אָדלער. אָ'ע נעסט, אָ'ע אייער.
אָדלער־נאָז — די,...־נעז(ער).
אויסגעבויגענע נאָז; מיט אַ שפּיץ וואָס איז ענלעך
צום אָדלערשן שנאָבל. „ער האָט געזען דעם
רואיקן יוליוש מיט די שוואַרצע פֿײַערדיקע
אויגן, מיט דער אָ'־נ“, אָפּאָ, 1863. “[מאַני
לייבס] אָ'־נ, איז געווען פֿאַרשפּיצט צום
סופֿיט“, ד. טשאַרגי, טאָג, 27 IX 1958.
אָדלערפֿיש — דער. גרויסער ים־פֿיש (ביז 5
פֿוס די לענג) [אין
וואַסערן אַרום אייראָפּע,
אין מיטלענדישן ים.
ש וו י מ ט סטאַדעווײַז.
געשמאַק צום עסן. בײַם
שווימען זאָל אַרויסגעבן קלאַנג (?) וואָס
דער צייכ
— דער, ־ס. העראַלדישער צייכן,

נט אי אָדלער־געשריי]. sciaenaףuila
אָדa
פֿאַמיליע־עמבלעם פֿון אַן אָדל־משפּחה. „דער מגן־דוד איז אונדזער ייִדישער אַ־צ".
אַדל־קאַמער — די, ־ן. אָפֿיציעלער אַמט (קאָמיטעט, פּאַלאַטע אע) וואָס פֿאַרטרעט דעם שטאַנד פֿון די אַדלליַיט. באַשלוס פֿון אַ'־ק,.
אַדלקייט — די (דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפֿט פֿון געהערן צום אַדל. „קיינער קען ניט האָבן קיין ספֿק אין זיַין אַ'". 2. סכום מידות, אייגנשאַפֿטן וואָס ווערן צוגעשריבן צום אַדל. „ד אַ, פֿאַרלאַנגט פֿון אים, ער זאָל זיך ניט
י
אָפּזאָגן פֿון דועל". 3. פֿיַינקייט פֿון כאַראַק טער, נאָבלקייט, איידלקייט.
אַדל־קייט — די, ־ן. אַרכ. קייט דורות, אָפּשטאַמיקע פֿון באַשטימטן יחוס. לקח טובֿ
,
פֿאַרטיַיטשט ,והתיחשׂם, (דבֿרי הימיס א, ז, 9): „און איר אדיל קייט" ותּי: „און זייער פֿאַרצייכעניש לויט ף. געבורטן"].
אַדלקינד — דער, ־ער. 1. קינד, געבאָרן פֿון אַדל־עלטערן. 2. מענטש מיט פֿיַינע מאַנירן, ראַפֿינירטער; פֿיַינשמעקער, זיַידענער

יונגערמאַן. „ווי ער איז איידל! איך זאָג אײַך — אַן
אַ„!“. 3. צעבאַלעוועטער, צעפּיעשטשעטער. „ער
איז אַן אַ', קומט אים אָן שווער אויך די
גרינגסטע אַרבעט“. 4. מאַנצבילשער נאָמען.
אַדלשאַפֿט — די (דאַס), ־ן. 1. שטאַנד פֿון
אַדללײַט, אַדלטום, אַדל..קאָלעקטיוו. געהערן צום
אַ'. 2. ראַנג, פּאָזיציע צווישן דעם אַדל. פֿון
היכער אַ'. 3. אַדלקייט, סכום אייגנשאַפֿטן
פֿון אַדל. אַרויסווײַזן אַ'.
אַדלשטאַנד — דער, ־ן. שטאַנד, קלאַס פֿון
אַדל. אַריסטאָקראַטיע ווי אַ טייל, גרופּע, פֿון
דער געזעלשאַפֿט מיט ספּעציעלע
פּריווילעגיעס. „עס איז געווען דער אַ„ דער
בירגערשטאַנד און דער פּויערים־שטאַנד“, מו ,
באַגעגענישן. „בײַם ־ ווערט באַגינען טיש
געא,
פֿירט“, פּרץ איבז, קהלת.

אָדם

אָדם — [אָ'דאָם, אָ'דעם] דער. בא. 1. נאָמען
פֿון ערשטן מענטשן, אָדם הראשון ←. „דאָס
. איז דאָס בוך פֿון די געבורטן פֿון אָ'ען“, תּי,

בּראשית, ה, 1. *אָדם נאַקעט = אינגאַנצן
נאַ

קעט. שפּאַס: אַ־נאַקעט, חוה־באָרוועס. *זײַן
(אַרומגיין) אין אָדמס קליידער = אינגאַנצן
נאַקעט. „די מידע זון פֿאַרגייט און לאָזט דעם
הימל אָ־נאַקעט“, הר, אין שענסטן טאָג פֿו
האַרבּסט. אָ'ס קינדער = אַלע מענטשן. “...
געבּרויכן די נשמות פֿונדאָסנײַ [אי] אַ זינד אַקעגן
אָ'ס קינדער“, יהואָש, „אַ הימלישער אײַנפֿאַל„.
הר'ס אַ בּוד: אָ'ס קינדער“. 2. מענטש,
יעדער איינער פֿון מענטשלעכן מין (להיפּך
צו אַלע אַנדערע בּאַשעפֿענישן). „דען אַלע
כּריות פֿון דער וועלט פֿאָרכטן זיך פֿאַר דעם
געשטאַלט פֿון אַן אָ„ ער האָט שליטה איבּער
אַלע בּרואים„„ נוצ II. „ראשי־תּיבֿות פֿון אָדם
איז: איך — דו — מיר“, פֿוול = מיר זײַנען
אַלע גלײַך (גלײַכע יחסנים). „ר“ת פֿון אַדם
איז: אַכילה, דירה, מלבּוש“, פֿוול = דאָס
זײַנען די וויכטיקסטע בּאַדערפֿענישן פֿון דעם
מענטשן. אָ, פֿון גשמיות = פּראַקטישער מענטש
(אָדער וואָס יאָגט זיך נאָך קערפּערלעכע

פֿאַרגעניגנס). אָ, פֿון רוחניות = אידעאַליסטישער מענטש (אָדער וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין גײַסטיקע ענינים). „אָ, איז אַ מענטש, און איש איז אַ מענטש, און אנוש איז אַ מענטש, און גבֿר איז אַ מענטש — (נאָר) אַ מענטש צו אַ מענטשן איז ניט גלײַך“, שוו. 3. מאַן (אין קעגנזאַץ צו פֿרוי). זן. „חוה האָט (געהאַט) לאַנגע האָר און פֿאַרקירצט אָ'ס ▯אָר", שוו. „אָ'עדער אָ, לײַדט פֿון זײַן חוהן“, שוו

4. חשובֿער מענטש, פּערזענלע▯קייט. ווערן אַן אָ, = אַ פֿולער מענטש, מיט אַחריות, אַ בר־דע▯ אַוועקפֿאָרן אין דער פֿרעמד אויף אַ יאָר און ווערן אַן אָ'. „איר ווערט אַ גאַנצער יש אין שטעטל, אַן אָ', אַ העלד אויף עטלעכע טעג“, שע, אַלט־ניַי כּתרילעווקע. 5. ווער עס איז ווייניקער ווי דער דורכשניטלעכער מענטש, אַ קנאַפּער מענטש. אויך מיר אַן אָ.. עפּעס אַן אָ.. אָ, — אַ מענטש, קאַטשקע — רוק זיך (דריי זיך, דריילעך) = [ווערט געזאָגט צו עמעצן וואָס איז אַ קנאַפּער מענטש (אַ ייִנגל, פּראָסטאַק, חוצפּהניק) און ער מישט זיך אַרײַן] מיש זיך נישט; רוק זיך אָפּ. אָ, — אַ מענטש,

שקאַרפּעטקע — אַ בגד = שוואַכער (קנאַפּער) מענטש. 6. ייִדישער מענטש, ייִד. (אויפֿן סמך פֿון מאמר: 'אַתּם קרוייִן אָדם', יבֿמות, סא/א). „'נר ד, נשמת אָדם, — דאָס מיינט אַז ייִדן וועלכע ווערן אָנגערופֿן 'אָדם', איז זייער נשמה למשל ווי אַ פֿלאַם פֿון אַ ליכט“, תּניא. „איצטער איז די עבֿודת־הלבֿ בײַ צדיקים, ווי דער אָ, באַדאַרף זײַן על־פּי תּורה„, לדבֿ. 7. ניט־ייִד, סתּם מענטש (ווי אַן אַקעגנשטעל צו ייִד, אויפֿן סמך פֿון דעם משׂכּילישן זאָג פֿון י. ל. גאָרדאָן: 'היה אָדם בצאתך ויהודי באָהלך'). „...האָט אין בערלין דערפֿילט דעם ווידערשפּרוד צווישן דעם אָ, און דעם יהודי. דער אָ, אַנטוויקלט זיך, געניסט פֿון לעבן... ווען דער יהודי, אַ געבוירענער אין רצועות,

איז פֿאַרשפּאַרט אין שטוב„, אָפּאַ, 1863.

8. ייִדישער מענער־נאָמען, זן. ← אָדם־בוך.

אַד מאַיאָרעם דעאי גלאָ'ריאַם —

פֿראַזע, ל. פֿון וועגן גאָטס כּבֿוד. אָפּט מיטן ב:

דער הייל□קער צוועק כּשרט אַלע מעגלעכע

מיטלען.

אָדם בּהול על ממונו — [אָ'דאָם בּאָ'הול אַל מאָמוי'נו▯] שוו, פּסחים יא/א. אַ מענטש איז צערודערט (גײַציק, געריק) איבּער זײַן געלט (רק ער ציטערט, ער זאָל עס ניט אָנווערן, אָדער — אַז עס קומט צו געלט איז אַ מענטש פינקטלעך).

אָדם־בּוך — דאָס (דער). אַן אַפּאָקריסיש ווערק, אַ ספֿר פֿון דער נאָכתּנכישער צײַט, וועגן אַלע דורות נאָך אָדמען מיט זייערע פֿירערס און זייער גורל — בּיז תּחית המתים.

,סיפֿרא ד▯רמ־ ון", (בּבֿא מציעא, פּה/בּ) אין זהר אַ סך מאָל דערמאָנט 'ספֿרא דאָדם קדמאה, [אין דעם ציקל לעגענדעס אַרום דעם בּעשט און אין שבֿחי־בּעשט ווערן דערמאָנט כּתבֿים פֿון אַ מקובּל אָדם].

אָדם־בּליעל — [אָדאָם בּליִ־יאַ אַל] דער. מצ

,

גבּ. < משלי, ו, 12. 1. נידערטרעכטיקער מענטש, מאַן פֿון אומרעכט. אַזאַ אויסוואָרף, אַן אָ'־בּ'! 2. (קבּלה) סמאל, האַר פֿון שדים. "ס,,מ וואָס ער הייסט אָ'־בּ', וואָס פֿון אים קומט למטה דער נחש הקדמון צו טאָן איר שליחות", נוצ 3 .II. שׂטן; לוציפֿער.

אָדם־בּפּועל — [אָ'דאָם בּייפּוי על] דער. מצ
נבּ. צבּ. מענטש וואָס פֿירט דורך אין לעבּן
זײַן מענטשישקייט, וואָס לײַטערט זײַנע מידות.
„איז געקומען דער ייִד וואָס האָט געגלייבּט...
אַז נאָר דורך דעם המון וועט ער ווערן אַן אָ'־
בּ', אַ געלייטערטער, העכערער מענטש", אָפּאַ,
.
אָדם בּצלם אלוקים — [...בּייצע'לעם
עלויקי'ם] דער. בּא < בּראשית, א, 27. ,מענטש
אין געטלעכן געשטאַלט'. ווערט געניצט וועגן
געהויבּענע אייגנשאַפֿטן פֿון דעם מענטשן וואָס
שטרעבּט צו אידעאַלן, יושר, שלום אע אָדער
ווי אַ פֿאָרוואורף, טענה קעגן מענטשלעכער
שוואַכקייט אָדער רשעות. "וועגן אים מעג מען
טאַקע זאָגן אָ, בּ, א'". „אָך און וויי, דאָס אי
אַן אָ, בּ, א'". ['חבִיבֿ אָדם שנבֿרא בּצלם
אלוקים', אָבֿות ג, יח.]
אָדם גדול — [אָדאָם גאָד] דער. מצ. אַנשים
.
גדולים [אַנאָ'שים גדוי'לים]. < בּרכות, ט/בּ
אאַ. 'גרויסער מענטש'. ווער עס איז בּאַרימט
מיט זײַנע מעשׂים, אויפֿטוען, פּאָזיציע. אַן אָ,
ג, אין לומדות, אין מאַטעמאַטיק. „ר, רחומאי...

וואַר איין אָ, ג, און, איין גרושר זקן“, נצי, ג/א. ,,ווי האָט געקאָנט אַזאַ אָ, ג, זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע קליינע שאַפֿונגען“, בעל־מחש□ות □.

אָדמדיק — [אָדעמדיק] אַדי. נעאָל. וואָס איז אַזוי ווי אָדם; מענטשיש, מענטשלעך. ,,אָ'־זינדיק פֿאַל איך אַראָפּ. שפּרייט אויס דײַן אָרעם, ברודער דו מײַן, אין די מסתּרים וויקל מיך אײַן“, הל, ,זינג פֿון מסתּרים,, 1950.

אדם דלעילא — [אָדאָם דיליי'לאַ] דזוו אדם עילאה ←.

אָדם חעליון

אַדמה — [אַדאָ'מע] די, ־מות (בלויז אין געוויסע אויסדרוקן, צו פֿאַרשטאַרקן). 1. ערד (געניצט בלויז אין אויסדרוקן פֿון ביטול, אין קללות). קללות: גיי אין דער אַ', ליג אין דער אַ', מע זאָל דיך שוין אַרײַנלייגן אין דער אַ, אאַ. ,,ס'איז דער וואונטש פֿון מײַן נשמה, אַז מײַן זיסער וחלקלקות — דו זאָלסט גיין אין דער אַ'“, יהואָש, 'וחלקלקות און זמזומים'. *האָבן (טיף, טיף טײַער) אין דער אַ, = זיך ניט רעכענען מיט עמעצן, עפּעס; באַציִען זיך

מיט ביטול; ניט מורא האָבן. „איך לאַך פֿון
דײַן היטעלע, איך האָב דיך טיף טײַער אין דער
אַ,“, פֿוול. האָבן עמעצן נײַן אייל (קלאַפּטער)
אין דער אַ,. „זי וויל, איך זאָל מיט איר חתונה
האָבן...כ'האָב זי אין דער אַ'“, בערג, בײַמ
דניעפּער I. איך האָב אים אין אַלע אַדמות.
*ליגן אין דער אַ, = זײַן אין זייער אַ
שלעכטן מצבֿ; ניט האָבן קיין חיונה; פֿאַלן אין
פּרײַז. ער האָט באַנקראָטירט און ליגט אין
דער אַ'. מע האָט אים געכאַפּט און ער ליג
אין דער אַ'. פֿלאַקס איז הײַ־יאָר אין דער אַ'.
„יענע וואָך, שרײַבט די בלאַט, איז די '
פּירפּראָצענטיקע, געלעגן טיף אין דער אַ'“, בערג,
נאָך אַלעמען. (אַרײַנ)לייגן אין דער אַ, =
באַריידן, דיסקרעדיטירן, אומגליקלעך מאָכן. „ער
מיינט, איך קען אים קיין זאַך ניט טאָן,
אַרײַנלייגן אין דער אַ, וועל איך אים!“. 2. איין
פֿאַך פֿון דער ערד (פֿון די זיבן פֿאַכן פֿון
וועלכע זי באַשטייט, לויט דער פֿאָרשטעלונג
פֿון קבלה). „עס זײַנען פֿאַראַן זיבן ערדן
איינע איבער דער אַנדערער. זיי הייסן: ארץ,
אדמה, ארקא, גי, נשיה, תּבֿל, ציה“, נוצ.
אָדם האַ Iרון — [אָדאָם האַאַ'כרען] דער.
בא. צבֿ. 'לעצטער מענטש'. מענטש פֿון

שפּעטערדיקע דורות. דעגענערירטער מענטש. „אָדם הראשון איז בּאַגאַנגען איין זינד, אָ, האַ, איז לויטער זינד“, ווערטל [קעגנשטעלונג צו אָדם הראשון ←].

אָדם (ה)בּריא — [אָדאָם (האַ)בּאָ'רי] דער. מצ נבֿ. צבֿ. געזונטער מענטש. „אַ חסר־דעה ר״ל האָט אַלע אבֿרים וואָס אַן אָ, הבּ,...אויגן, אויערן...ער ווייסט אָבער ניט וואָס ער זעט און וואָס ער הערט“, לדבּ.

אָדם הגון — [אָדאָם האָגן] דער. מצ: אַנשים הגונים [אַנאָ'שים האַגו'נים]. תּל. אָנגעזעענער, חשובֿער מענטש (וואָס פֿאַרנעמט וויכטיקע פּאָזיציע אָדער איז צוגעפּאַסט צו עפּעס וואָס מע דאַרף). „פֿאַר דעם איז ער אַן אָ, ה'“. „זוך איך מיר אויס אַן אָ, ה,“, פּרץ, ,מסירת נפֿש'.

אָדם המעלה — [אָ'דאָם האַמײַ'לע] דער. מצ: אַנשי־(ה)מעלה [אַנשיי־(האַ)מײַלע]. < דבֿרי הימים א, יז, 17. געהויבּענער מענטש, פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט; מענטש פֿון הויכן גײַסטיקן שטאַנד. „בּײַ אונדז אין שטאָט וועט איר אַן אָ, המ, ניט געפֿינען“.

אָדם העל▯ון — [אָדאָם האָע'ליען] דער. בּא. קבּלהי דזוו אָדם עילאָה ←. „אַזוי ווי אַ

וואַסער, וואָס שפּיגלט אַ פּנים צו אַ פּנים, אַזוי איז דאָס האַרץ פֿוז דעם אָ, הע, — אַ דערוועקונג פֿון אויבן,,, תּניא.

אָדם(־)הראשון

אָדם(־)הראשון — [אָ'דאָם (אָ'דעם) האָרי'שן] דער. בּא. תּל. 1. ערשטער מענטש, געשאַפֿן אין זעקסטן טאָג פֿון וועלס־בּאַשאַף (בּראשית א, 27). [די ערד צו בּאַשאַפֿן אָ, הר, האָט גאָט גענומען פֿון אומעטום: דעם גוף פֿון בּבֿל, דעם קאָפּ פֿון א,,י, די אבֿרים פֿון די איבּעריקע לענדער (סנהדרין, לח/בּ); אָ, הר, האָט געשײַנט ווי די זון (בּבֿא בּתרא, נח/א); האָט דערגרייכט בּיזן הימל; געוואָרן קלענער, נאָר הונדערט אייל, נאָכן זינדיקן (חגיגה, יבּ/א, סנהדרין, לח/בּ; בּמדבּר רבּה, יבּ), געהאַט צווייפּנימער (בּרכות סא/א) אאַ איבּערמענטשלעכע שטריכן און אייגנשאַפֿטן]. ,,אַזוי ווי ער האָט זיך מרחם געווען איבּער אָ, הר, און האָט אים געשענקט אַ טאָג פֿון זײַנע טעג, וואָס איז טויזנט יאָר‘‘, מלרה. ,,די דאָזיקע נידעריקע וועלט וועלכע איז אויסגעמישט פֿון גוטס מיט שלעכטס, פֿון דער זינד פֿון אָ, הר‘‘,

תּניא. „בּרויט אין דעם שווייס פֿון מײַן פּנים

צו עסן ווי אָ, הר‘‘, ייִל, 'אַ האַנט אין אַ
האַנט„. *אין אָ,־הר'ס קליידער = אינגאַנצן
נאַקעט. *פֿון אָ'־הר'ס צײַטן = פֿון גאָר
אַלטע צײַטן; שטענדיק. *פֿון אָ, הר, בּיז איצט
(אַצונד). ‘‘זיי האָבּן אויסגערעכנט אַלע חכמים
וואָס זײַנען בּײַ ייִדן געווען פֿון אָ, הר, בּיז
אַצונד‘‘, ממוס, מסעות. *אָ, הר'ס פּשרה = א)
ווען מע גייט אײַן אָפּצוגעבּן אַ קליינִיקייט און
דערנאָך קומט אויס צו געבּן (.!דן) אַ
סו. [אָ, הר, האָט אָפּגעגעבּן נאָר אַ ריף און
בּאַקומען איבּער זיך אַ האַרינטע]. בּ) ווען מע
גיט אָפּ אַ העלפֿט. „ר, שלום האָט געמאַכט
אָ, הר'ס פּשרה: עס זאָל זײַן די מאה רוב׳ל
לחצאין, און דער מסחר איז בּ‘‘ה נגמר
געוואָרן בּכי־טובֿ‘‘, יכּנה‘‘ז, ייִפֿאָל, 4 1890, No.
*וואו אָ, הר, איז ניט געווען; וואו אָ, הר'ס
פֿוס האָט ניט געטראָטן; וואו אָ, הר, האָט זײַן
פֿוס ניט געשטעלט; וואו אָ, הר, האָט שבּת
ניט געהאַלטן; (גראָבּ) וואו אָ, הר, איז ניט
געגאַנגען פּישן = ערגעץ אין אַ העק, אין אַ
פֿאַרוואָרפֿענעם ישובֿ [איבּערן דרש אויפֿן פּסוק
פֿון ירמיה, בּ, 6, ,בּארץ לא עבֿר בּה איש ולא
ישבֿ אָדם שם, — אַז אָ, הר, איז אויסגעווען

אומעטום וואו עס איז פֿאַראַן אַ מענטשלעכער ישובֿ]. ,,אַפּנים, ווי איך זע אַרויס, האָט דאָ בײַ אײַך אָ, הר, נאָך קיינמאָל שבּת ניט געהאַלטן?,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן 2 .I. (קבּלה) מיטאָלאָגישער מענטש וואָס איז אַ מין פֿאַרבּינדונג־קייט צווישן גאָט און מענטש, אָדם קדמון ←, אָדם עילאה ←. ,,דער מקור פֿון דער חכמה און שׂכל, וואָס אין דער נשמה פֿון אָ, הר', וואָס אַנטהאַלט אַלע נשמות פֿון די צדיקים, וואָס זיי זײַנען גרעסער פֿון די מלאכיהשרת“, תּניא.

אָדם־הראשונדיק—[אָדע □ I־האָרי'שנדיק] אַדי וואָס איז ווי בײַ (פֿון) אָדם־הראשון; פּרעהיסטאָריש. ,,די ערשטע אָ'־הר'ע פֿוסטריט אין דער ווייכער ערד פֿון דער פּריירי“, מארגאָשעס, טמז, 4 1953 □ I.

אָדם השלם — [אָ'דאָם האַשאָ'ליים (־לעם)] דער. מצ נבֿ. 1. דזוו אָדם שלם ←. 2. (קבּלה) דער מענטש ווי אַ שותּף למעשׂי־בּראשית.

,,און כּבֿיכול אַליין האָט זיך גופֿא געמאַכט אָפּהענגיק פֿון אָ, ה', ווי מיר ווייסן עס על־פּי

קבלה", חג, ישיבֿה.

אָדם התהתון — [אָ'דאָם האַטאַ'כטן] דזוו אָדםשל־מטה ←. „אָן דער הילף פֿון דעם אָ, ה, אויפֿן עולם העשׂיה וועט זיך דער אָדם־עליון [←. אָדם העליון] נישט קיין עצה געבֿן„, ייִט, טאָג, 23 1960 I.

אָדם ובֿהמה — [אָדאָם אובֿהיי'מע] פֿראַזע. מענטש און בֿהמה. ערשטע ווערטער פֿון זאַץ: „אָדם ובֿהמה תּושיע ה, = אַ מענטשן און אַ בֿהמה טוסטו העלפֿן, גאָט [אין דער תּפֿילה צדקתך צדק, וואָס מע זאָגט שבת בײַ מנחה, נאָך שמונה־עשׂרה]. שפּאַסיק: אַ מענטש אַ בֿהמה. [„אַ מענטש אַ בֿהמה העלפֿט גאָט, אַ קלוגער העלפֿט זיך (דאַ֯ף זיך העלפֿן) אַליין„, שוו].

אָדם והוה — [אָדאָם ווייכאַ'ווע] 1. אָדם און חוה, די ערשטע מאַן און פֿרוי באַשאַפֿן פֿון גאָט (בּראשית, א, 27; בּ, 22). [לויט דער לעגענדע ליגן אָדם וחוה אין דער מערת המכפּלה, עירובֿין, נג/א4 *אין אָדם וחוהס קליידער = נאַקעט. „אַלע אינאיינעם, אין אָדם וחוהס קאָסטיומען, שטעלן זיך טאַנצן אַ ז֯אָק„, ייִפֿאָל, 7 1890, No. "אָ, וח, געדענקט איר?, זיי זענען ...אַרומגעגאַנגען אין גן־עדן אָדם־נאָקעט", פּרץ,

געדאַנקען און אידייען. 2. מאַן און פֿרוי
בכלל. באַציאונגען פֿון אָ, וח,. די פּראָבלעמען
פֿון אָ, וח'.

אַדמוני — [אַדמוי'ני] דער, ־ים. < בראשית,
כה, 25. רויטהאָריקער, רויטער; ליגנער,
אָפּנאַרער. „אַן אַ, איז אַ רמאי“, שוו.

אדמו“ר — 1. ר„ת פֿון: אדוננו, מורנו ורבנו;
אַדוני, מורי ורבי ←. 2. חסידישער רבי.
דער קאָצקער אדמו„ר. אגודת האדמו“רים =
פֿאַרבאַנד פֿון חסידישע רביים. אדמור“ר —
ר“ת פֿון: אדוננו, מורנו ורבנו רב.

אַדמוריזם — דער. מצ נב. קולט פֿון גלויבן
אין אַ רבין, אַ גוטן־ייִד. „פֿון חסידות איז
פֿאַרבליבן נאָר אַ', רביאישאָפֿט“.

אָדם הסר־לבֿ — [אָ'דאָם כאַסאַ'ר־לעוו] דער.
מצ נב. < משלי, יז, 18. ,מענטש אָן שׂכל,
(שינוי אין באַטײַט) שלעכטהאַרציקער,
האָרצלאָזער אַכזר. אַן אָ, ח'־ל, ווייס ניט פֿון
רחמנות.

אָדם השובֿ — [אָדאָם כאָ'שעוו] דער. מצ:
אַנשים חשובֿים [אַנאָשים כשוּווים]. תּל.

אָנגעזעענער, רעספּעקטירטער מענטש; וויכטיקער פֿאַרשוין וואָס מע האַלט פֿון אים. אַן אָ, ח, טאָר זיך אַליין ניט מבֿזה זײַן. [מע טאָר ניט אַרויספֿירן אַ מת צו קבֿורה קורץ פֿאַר קריאתשמע־צײַט, מיט אַן אָ, ח, אָבער איז עס אַנדערש — בּרכות, יט/א]. „צו ווירמישא האָט גיוואונט איין אַ, ח', איין רבֿ...“, ספֿר מע▯tה נסים, [אווע I 462]. “...און דער וואָס זאָגט ער מוז [מפֿסיק בּתּפֿילה זײַן] דען איינער נייט אים ער זאָל מפֿסיק זײַן, אָדער איין אָ, ח, פֿרעגט אים עפּעס, מוז ער אים ענפֿערן — איז וויי צו זײַן נשמה...„, קה, תּרל“ה. „...וויל ווערן אַ גבּאי, און די וועלט נעמט דאָך ניט אָן פֿאַר קיין אָ, ח'“, קמ, 42 1868, No.

-

אָדם יסודו מעפֿר

אַדמיטירן — טרוו. ־טיר, אַדמיטירט. < פֿר. אַרכ. צולאָזן, אַרײַנלאָזן. חנוך לנער, פֿיורדא תּקל„ד.

אַדמיניסטראַטאָר — דער, ־ס (אויך: ־אָרן). וונ ־ין, ־שע, ־ס. < איי < ל. פֿאַרוואַלטער, אָנ.. פֿירער. ווער עס פֿירט (די בּאַלעבּאַטישקייט

פֿון) אַן אינסטיטוציע, אונטערנעמונג, אַמט.
אַדמיניסטראַטיוו — אַדי. 1. וואָס איז
שייך צו פֿונקציעס, מאַכט פֿון
אַדמיניסטראַטאָר אָדער זײַן אָמט. 2. וואָס איז שיך צו
אַדמיניסטראַציע, בֿ4. אַ'ע פֿ אַ ר ש י ק ו נ ג
— אָן אורטייל פֿון געריכט, לויט בֿאַפֿעל פֿון
אַדמיניסטראַציע; אַ'ע פֿאַרשיקונג קיין סיבֿיר.
אַ'ע ר ע כ ט — קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פֿון
אַ רעגירונג אָנצופֿירן דעם אַפּאַראַט פֿון דער
מלוכה; די ספּעציעלע רעכט וואָס אַן
אַדמיניסטראַציע פֿון אַ רעגירונג נעמט פֿאַר זיך
אין אויסנעם־פֿאַלן. אַ'ע ש ט ר אָ ף — מצד
דער אַ'ער מאַכט, אָן בֿאַשלוס פֿון געריכט.
אַדמיניסטראַציע — די, ־ס. 1.
אָנפֿירערשאַפֿט פֿון אַן אינסטיטוציע, אַנשטאַלט. די אַ,
פֿון גרויסן מושבֿ־זקנים. 2. פּראָצעס פֿון
אַדמיניסטרירן. די אַ, קומט אָן גרינג. 3.
גרופּע מענטשן וואָס זייער פֿונקציע איז
אַדמיניסטרירן. 4. עקזעקוטיווע מאַכט (אָדער
אירע פֿאָרשטייערס) פֿון אַ לאַנד, שטאָט, קרײַז
אע. אַ נײַע אַ, פֿון דער שטאָט. 5. (אין די
פֿאַראייניקטע שטאַטן) פֿעדעראַלע אַ,: דער
פּרעזידענט, זײַנע מיניסטאָרן (און זייערע
פֿאַרטרעטערס); אַ, פֿון ש ט אַ ט: דער גאָווערנאָר

און זײַנע הויפּט־באַאַמטע; שטאָטישע אַ.: דער מעיאָר און די פּירערס פֿון אַמטן.
אַדמיניסטרירן — טרוו. ־טריר, אַדמיניסטרירט. 1. אָנפֿירן די אַרבעט אָדער באַלעבאַטישקייט פֿון אָן אַנשטאַלט, אַדמיניסטראַציע, אַמט. 2. פֿירן (גרויסע) ווירטשאַפֿט (פֿון אַ גוט, מאַיאָנטיק אע), ווי אַ פֿאָרשטייער, באַפֿולמעכטיקטער פֿון אייגנטימער. 3. האָבן אויפֿזיכט, השגחה איבער אַ פֿאַרמעגן (וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ געריכטלעכן פּראָצעס, אין שײַכות מיט אַ ירושה אע), לויט אַ באַשלוס פֿון געריכט. אַ'ן דעם פֿאַרמעגן פֿון מינעריאָריקע יורשים. 4. פֿירן די אַדמיניסטראַציע פֿון אַ לאַנד, שטאָט, קרײַז אע.
אַדמיניסטרעי'שן, ־סטריישן — די, ־ס. אמ. 1. (בכלל) אַדמיניסטראַציע, פֿאַרוואַלטונג. 2. עקזעקוטיווע מאַכט פֿון פֿעדעראַלער רעגירונג אָדער פֿון אַ שטאַט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. „וואַשינגטאָן און אָלבאַני האָבן איצט ליבעראָלע אַ'ס“.
אָדם יסודו מעפֿר — [אָ'דאָם יעסוי'דוי מייאָ'־פֿאָר] פֿראַזע פֿון דער תּפֿילה 'ונתנה תּוקף, [פֿון מוסף ראָש־השנה און יום־כּיפּור] מיט דער צווייטער העלפֿט: 'וסופֿו לעפֿר,. אַ

מענטש — זײַן יסוד איז פֿון שטיבֿ (און זײַן
סוף איז צו שטיבֿ). באַצייכנט די נישטיקייט,
פֿאַרגענגלעכקייט פֿון דעם מענטש; אויו
אָנצוווײַזן שוואַכקייטן, וואָרעם דעם מענטשנס
אָפּש □ טאַם איז ניט געהויבן, געשאַפֿן פֿון ערד,
שטיבֿ. שפּאַסיק בײַם ציטירן דעם גאַנצן זאַץ:
— נו, וואָס זשע לייגט מען צו? — וואָס זשע
דאַרף מען קלאָגן? [וואָלט ער געווען פֿון גאָלד

אַדמיראַבל

און דער סוף — שטיבֿ וואָלט געווען שלעכט].
„אָ, י, מ, וסופֿו לעפֿר — ביני־לביני איז גוט
אַ טרונק בראַנפֿן (אַ געבראָסן גענדזל, אַ פֿעטע
עבֿירה“), שוו. וואַריאַנט:...בינתּים כאַפּט מען
אַ בלינטשיק.
אַדמיראַבל — אַדי. אַרכ. < פֿר. וואָס רופֿט
אַרויס באַוואונדערונג, וואָס איז וואונדערלעך.
„ער טרעט פֿאַר איין קיניג מעריטירן, דינעבן
אנדרי אדמיראבלי רעדי גאָר פֿל און מאָס אונ,
ציל“, מכירת יוסף, פֿפֿמ, 1713.
אַדמיראַל — דער, ־ן. < איי < אַראַביש.
1. הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון פֿלאָט, אַ, פֿון פֿלאָט.
2. איינער פֿון אַ באַגרענעצטער צאָל העכסטע

באַאַמטע פֿון פֿלאָט. וויצע אַ', אונטער אַ'.

אַדמיראַליטעט — די, ־ן. די פּוללדיקע
א נפֿירע סטווע
— די, ־ס. רוסיצ. דזוו
אַדשאַפֿט פֿון פֿלאָט.
־ מיראָ
מיראַליטעט.
אַדמיראַלשאפֿט — די, ־ן. אַמט און
פֿונקציע פֿון אַדמיראַל.
אַדמיראַל־פֿלאַטערל — דאָס, ־עך. גרויס
פֿלאַטערל מיט רויטע
פּאַסן אויף
סאַמעטענלעכע טונקל־ברוינע
פֿליגעלעך. [באַווײַזט
זיך סוף זומער אין
אייראָפּע, אַזיע, צפֿון־אַמעריקע]. vanessa
atalanta.
אַדמיראַל־שיף — די, ־ן. שיף וואָס פֿון
איר פֿירט דער אַדמיראַל אָן די אָפּעראַציעס
בעת מאַנעווערס און אין אַ שלאַכט.
אָדם כּבּהמות'...כּבּהמה — [אָ'דאָם
קאַבּעהיי'מעס, קאַבּעהיי'מע] קירצונג פֿון פּסוק,
תּהלים מט, 13 [,,דער מענטש בלײַבט ניט אין

גדולה, ער איז געגליכן צו בּהמות וואָס ווערן
פֿאַרשניטן", תּי]. אַ מענטש איז ווי בּהמות
,

-

(ווי אַ בּהמה)'. געניצט צו דערמאָנען
נישטיקייט אָדער נאַרישקייט פֿון דעם מענטש. ,,וואָס
ווילט איר פֿון אים? ער היט אָפּ דעס אָ,
כּבֿ,". ,,דער מלאך־הדומה איז געקומען ווי אַ
לייבֿ. נאָר אַז איך האָבּ אים געזאָגט ,אָדם
כּבּהמות', איז ער אַוועקגעאַנגען... ווי אַ
לעמעלע", פּרץ, ,פֿון קבֿר,.
אָדם כּשר — [אָדעם קאָ'שער] דער. מצ:
אַנשים כּשרים [אַנאָ'שים קשיי'רים]. < מועד
קטן, כה/א. בּיז גאָר ערלעכער מענטש, אָן
אָנשטעל, תּמים [דער רא"ש — צו דער
ציטירטער גמרא: אַן אָ, כּ, איז אַזעלכער וואָס איז
ניט חשוד אויף קיין שום עבֿירה, איז ניט מבֿטל
קיין מצווה, מע האָט ניט געהערט אַז ער זאָל
האָבּן בּאַגאַנגען אַ זינד, הגם ער איז ניט קיין
למדן]. ,,מע האָט געזאָגט אויף אים דאָס ער
איז אַן אָ, כּ,", אמד. ,,ענטפֿערט [דעם בּעש,,טס

ווײַבֿ]: כאָטשע מײַן מאַן איז אַן עם־האָרץ, איז ער פֿאָרט אַן אָ, כּ״, קח. ,,אָ, כּ, איז דער

אד□ □ע□ □יז משבּר לבּו למ□ ייִהע'וול דאָ'מאָ]

וו ום", לדבּ.

□ ה דמה — [אָ'דאָם

ערשטע העלפֿט פֿון פּסוק, תּהלים קמד, 4 [די צווייטע העלפֿט: ,ימיו כצל עובֿר,], ,,אַ מענטש איז געגליכן צו אַ הויך" [,,זײַנע טעג זײַנען ווי אַ שאָטן וואָס פֿאַרגייט,,], תּי. באַצייכענונג פֿאָר דער נישטיקייט, פֿאַרנענגלעכקייט פֿון

מענטשן (אָפֿט בײַ לוויות, בײַם דערוויסן זיך וועגן אַ פּלוצעמדיקן טויט). איר, האַלבֿ־שפּאַסיק: אָ, ל, ד, — אַ מענטש איז אַ גאָרנישט (אַ נישט).

אָדם לעמל יולד — [אָדאָם לייאָ'מ(אָ)ל יולאָד, אויך פֿאַרגרײַזט: ייִוואָ'לעד.] איובֿ, ה, 7. 'אַ מענטש איז צו מאַטערניש געבאָרן,, אָניסדרוק ווען מע קלאָגט זיך (אָדער מע באַדויערט עמעצן) וואָס מען אַרבעט שווער אָדער מע האָט צרות. ,,ווי דען? ניט אַרבעטן איז דער תּכלית? דער מענטש איז געבוירן

אויף אַרבעטן, אָ, ל, יו"", אר, 'שליפּעס'. מיטן
זעלביקן באַטײַט: אָדם לעמל נבֿרא [...ני'
וו I, סנהדרי צ — [אָ'דאָם מועד לייאוי־
.

אָד מועד עו
לאָם] „דער מענטש גילט תּמיד אַלס מועד",
הרבֿ שלמה היבנער, איבּז בּבֿא קמא, ג/בּ.
[מועד = געוואָתטער אין פּאָרויס. דער אָקס
ווערט באַטראַכט ווי אַ מועד און זײַן
בעלהבית דאַרף בּאַצאָלן דעם פּולן שאָדן ערשט
נאָכן דריטן מאָל שטויסן; בּיז דעמאָלט איז
דער אָקס אַ תּם און דער בּעל־הבּית צאָלט
נאָר אַ העלפּט פּון שאָדן. אַ מענטש צאָלט
תּמיד דעם פּולן שאָדן וואָס ער איז גורם
עמעצן, אַפּילו צום ערשטן מאָל.] אויסדרוק צו
בּאַצייכענען אַז דער מענטש: א) איז שטענדיק
מחויבֿ צו צאָלן אַ שאָדן; טראָגט תּמיד אַחריות
פֿאַר זײַן טאָן. בּ) איז גרייט, איז ראוי צו
ברענגען שאָדן, איז אַ סכּנה פֿאַרן מיט־מענטשן.
אָדם מישׂראל — [אָ'דאָם מײַ־ייִסראָ'על] דער.
מצ נבּ. < דבֿרים, רבּה, ח, א. 'אַ מענטש
פֿון [די קינדער פֿון] ישׂראל', בּן־ישׂראל, ייִד.
ווערט געניצט בּײַם אָנווײַזן אַז אַ חשובֿער אָדער
פּאָפּולערער מענטש איז אַ ייִד. דער

מיניסטער... איז אַן אָ, מ'.

אָדם מן השוק — [אָ'דאָם מין האַשו'ק] דער. מצ נבֿ. תּל. אַ מענטש פֿון מאַרק'; פּשוטער, געוויינטלעכער, דורכשניטלעכער מענטש. איינער פֿון פֿאָלק. „מע דאַרף עס ניט פֿרעגן בײַ גדולים, יעדער אָ, מ, ה, וועט דאָס אײַך זאָגן...“.

אָדמס בּאַרגשפּיץ — גג. הויכער בּאַרגשפּיץ, 7,350 פֿוס, אויף דרום־זײַט פֿון אינדזל ציילאָן מיט אַ פֿאַרטיפֿונג אין מיטן, 5 פֿוס לאַנג, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּדרוק פֿון אַ ריזיקן פֿוס [מוכאָמעדאַנער גלייבּן אַז דאָס איז דער אָפּדרוק פֿון אָדם־הראשונס פֿוס, נאָכדעם ווי מע האָט אים פֿאַרטריבּן פֿון גן־עדן].

אָדמס נאָדל — די, ־ען. געוויקס פֿון ליליעמשפּחה מיט ווײַסע בּלומען און לענגלעכע שאַרפֿע בּלעטער וואָס ענדיקן זיך מיט אַ שפּיץ. וואַקסט אין דרום פֿון פֿאָראייניקטע שטאַטן און אין לאַטײַנאַמעריקע. הייסט אויך יוקאַ.

-

אָדמס סייג — די, ־ן. אויך: גן־עדן־פֿײַג.

באַזונדער גוטער מין פֿײַגן [לויט אַן אַנדער
אויס
טײַטש: באַנאַנע]. אויך: אָדמס פּײַגנבוים.
„דאָרטן [אין ירושלים] געראָטן אַלע [מיני
פּירות], למשל: לימענעס, מאַנדלען, פֿײַגן און

אָדם רוצה בקבֿ שלו

פּ1יזאַנג, אַן אַרס פּאַלמע. די פּרי הייסט אָ, פּ,
אָדער ,פּאַראַדיסנפֿײַג'", קמ, 1865, No 10.
i(:a in icus]. אָדם הראשונס פֿײַג =
אויך: ווילדע פֿײַג. „ווילדע פֿײַגן און זיי ווערו
אָנגערופֿן אָ, ה, פֿ'ן, און אויף לשוו המשנה
ווערן זיי גערופֿן (ה)שיתּין [דמאי, א, 1]",
ה ירושלים, וואַרשע 1882.
אָדמע — די, ־ס. פּד. < פּויל. פּנעוומאַטאָז;
דאָס אַרײַנפּומפּן שטיקשטאָף אין קראַנקע טיילן
פֿון לונג.

אָדם עילאָה — [אָ'דאָם אילאָ'ע] דער. בּא.
> זהר, נשא, קמ״ד אאַ. 1. (קבּלה), '
דערהויבּענער (הויכער, העכסטער) מענטש'; די ריזיקע
געשטאַלט פֿון מענטש וואָס קומט אַרויס פֿון
,אור העליון, — העכסטן, ריינסטן ליכט —
און איז אַ פֿאַרמיטלונג אָדער פֿאַרבּינדונג
צווישן דעם אין־סוף, דער געטלעכער
אומענדלעכקייט און דער וועלט פֿון די פֿיר
פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון בּאַשאַף [עמאַנאַציע, בּאַשאַף,
פֿורעמונג, טואונג]. 2. אידעאַלע
פֿאָרשטעלונג וועגן מענטש. „דער אָ, ע, איז נישט
ווייניקער ייִדיש בּאַקאָנט„, פּרץ, ליטעראַטור און
לעבּן. 3. גײַסטיק דערהויבּענער מענטש;
מוסטער־מענטש לויט קבּלה־פֿאָרשטעלונג.
יעדערער פֿון די אָבֿות ווערט אַזוי אָנגערופֿן,
ספּעציעל אַבֿרהם אָבֿינו. „יעדער ייִד שטאַמט
פֿון אַבֿרהם אָבֿינו פֿון אָ, ע', איז אַ געטרײַע
,
אָפּשפּיגלונג פֿון גאָט בּצלם־אלהים“, אַש,
תּהילים־ייִד.
אָדם־פּחות — [אָדעם־פּאָכעס] דער. מצ נבֿ
צבֿ אָדם + פּחות (ווייניקער).
מינערווערטיקער מענטש; ווער עס איז פֿון אַ גאָר

נידעריקן גראַד. ניט שיין זיך אָפּשטעלן ריידן מיט אַזאַ אָ״פּ'. (ניט) האָבּן צו טאָן מיט אַן אָ,־פּ'.
אָדם קדמון — [אָדאָם קאַ'דמען] דער. בּא.
1. < קבלה־ספֿרים: תּקוני זהר, פּרדס רמונים, ערכי הכּנוים, עץ חיים אאַ. אין זהר ווערט ער אָנגערופֿן אָדם עילאָה ←. [ער הייסט אויך: עתּיקא קדישא, עתּיק יומין, אָדם דבּריאה]. קען אויך פֿאַרשטאַנען ווערן ווי די בּאַשעפֿערישע אייגנשאַפֿט און טעטיקייט פֿון גאָט [די קריַיזן פֿון די ספֿירות נעמען אַרום געוויסע טיילן פֿון דער ריזיקער געשטאַלט פֿון אָ, ק']. „...אין סוף פֿון נצח־הוד־יסוד פֿון אָ, ק',„ תּניא...
„יונגער מלאך, פֿלינקער מלאך, פּויק און וועק דעם אָ, ק'!„, צײַט, מטטרון. 2. אוראַלטער, פּרעהיסטאָרישער מענטש.
אָדם קרובֿ לעצמו — [אָ'דעם קאָ'רעוו לייאַ' צמוי] שוו. < אָדם קרובֿ א צ ל עצמו, סנהדרין ט/בּ אאַ. אַ מענטש איז נאָענט (צום נאָענטסטן) צו זיך אַליין [= אַ מענטש וועט זיך אַליין קיין שאָדן ניט בּרענגען, וועט זיַינע אינטערעסן ניט פֿאַרגעסן, וועט ראשית־כּל זאָרגן וועגן זיך גופֿא]. פּאַראָדיע: אָ, ק, כּאַפּלאַפּ (לאַפּ־צאַפּ) = אַ קרובֿ כּאַפּט צו (איז גרייט אויסצוניצן).

אָדם רוצה בקבֿ שלו — [אַ'דאָם רוי'צע
בייקאַ'וו שעלוי'] ערשטע העלפֿט פֿון שוו
(צווייטע העלפֿט: מתּשעה קבין של חבֿרו)
< בבֿא־מציעא, לח/א. אַ מענטש וויל
גיכער איין מעסטל זײַנס (איידער נײַן

מעסטאָדם שאין בו דעה

לעד יענעמס). דעם מענטשן איז אָנגעלייגט
וואָס ער האָט דערגרייכט דורו אייגענער
אַרבעט; אַ מענטש איז בטבֿע ערלעך, באַנוגנט
זיך מיט אייגנס און יאָגט זיך ניט נאָך
פֿרעמדס. בײַם ציסירן ניצט מען געוויינטלעך
בלויז די פֿיר ווערטער: אָ, ר, ב, ש'. „ער
עסט וואָס די רביצין באַקט...אָדם רוצה בקבֿ
שלו“, פּרץ.
אָרם שאין בו דעה — [אָ'דאָם שעאיי'ן
בוי דיי'ע] דער. מצ נב. ערשטער טייל פֿון
שוו (צווייטע העלפֿט: אַסור לרחם עליו),
סנהדרין, צב/א. מענטש אָן
פֿאַרשטענדעניש (שׂכל, פֿעסטער מיינונג). [צווייטע
העלפֿט:
טאָר מען אויף אים זיך ניט דערבאַרעמען].
ווערט געזאָגט וועגן עמעצן וואָס וואַקלט זיו,

אָריענטירט זיך ניט, וואַרפֿט זיך פֿון איין שטאַנדפּונקט צום צווייטן.

אָדם שאינו הגון — [אָ'דאָם שעאיי'נוי האָג(ו)ן] דער. מצ: אַנשים שאינם הגונים [אַנאָ'שים שעאיי'נאָם האַגונים]. < בבֿא מציעא, נט/ב. ניט קיין חשובֿער (אָנגעזעענע) מענטש. נישט קיין פּאַסיקער פֿאַר עפּעס (וואַס מע האָט אין זינען). פֿאַר אַזאַ שליחות איז ער אַן אַ, ש, ה'.

אָדם לס — [אָד'אָם שאָ'ליים יי'מים].
אָ'לעם)]
דער. מצ: אַנשים שלמים [אַנאָ'שים ש
תּל. 1. גאַנצער מענטש; האַרמאָנישער, אָן ס.רות. 2. געזונטער מענסש מיט מאַטעריעלער פּאָזיציע און קענטעניישן ('שלם בגופֿו, שלם בממונו, שלם בתּורתו,, שבּת, לג/ב). 3. ווער עס גרייכט צו שלימות, צו גייסטיקער פֿולקומענקייט. ,,...איז געווען אַ שטיק אָ, ש,“, נס, משפּחה מאַשבער. 4. ווער עס האָט אַ ווייַב [אָן אַ ווייַב איז מען ניט קיין אָ, ש,, לויט בראשית רבה, יז, 2]. ר ווער עס האָט ניט קיין אשה דער הייסט ניט קיין אָ, ש'“, נוצ. היפּך פֿון פּלג־.גוף: ווערט אָפּט

געניצט (האַלבּ־)שפּאַסיק. [פֿרגל: יבֿמות, סג/א, „כל אָדם שאין לו אשה אינו אָדם“.]

אָדם־של־מטה'... שלמטה — [אָ'דאָם שעלמאַ'טע] דער. מצ נבֿ. (קבּלה) מענטש פֿון אונטן; מענטש אויף דער ערד. „...דורך דעם קען דער אָדם של מטה האָבּן אַ השׂגה אין די ענינים של מעלה“, לדבֿ.

אָדם־של־מעלה — [אָ'דאָם שעלמײַ'לע] דער. מצ נבֿ (קבּלה) 'מענטש פֿון אויבּן'. סמאל, האַר פֿון שלעכטס, פֿון שדים־וועלט. "'ואתּן אָדם תּהתּיך, — דאָס מיינט מען דעם אָ,־ש'־מ,, ס“מ... וואָס פֿון אים קומט למטה דער נחש התּחתּון“, נוצ II.

אַדמת נכר — [אַ'דמאַס ניי'כאָר] די. מצ נבֿ < תּהלים קלז, 4. 1. 'ערד פֿון פֿרעמדן', פֿרעמדע ערד; אַלע לענדער אין דער וועלט חוץ ארץ־ישׂראל. 2. ערד וואָס געהערט ניט צו דעם וואָס באַאַרבּעט זי, אַרענדירטע ערד. „דאָס פֿעלד איז ניט מײַנס, ס'איז אַ, נ,“.

אַדמת קודש — [אַ'דמאַס קוי'דעש] די. מצ נבֿ. תּנ. 1. ,ערד פֿון הייליקייט„ הייליקע ערד [„טו אויס דײַנע שיך פֿון דײַנע פֿיס, וואָרעם דער אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים איז הייליקע ערד„„ תּי, שמות, ג, 5]. 2. עפּעס

וואָס מע טאָר ניט פֿאַרשוועכן. „רייד ניט מיט
אים וועגן זײַן פּאַרטיי־פּראָגראַם, פֿאַר אים
איז עס אַ, ק'“. 3. דאָס הייליקע לאַנד,
ארץ־ישׂראל. < זכריה בֿ, 16 אויך: אַדמת
הקודש. 4. איר גאַנץ צאַריש רוסלאַנד
(מחוצן תּחום) וואו ייִדן האָבן ניט געטאָרט
וואוינען. אַרויסשיקן פֿון אַ, ק'.
אָדנאָ(אָ)בּראַזיע — די. רוסיצ.
מאָנאָטאָנישקייט, לאַנגווײַליקייט; מצבֿ אָן שינויים.
אַדי: ־זנע.
אָדנאָגע — די, ־ס. פּד. < פּויל. 1. אָפּצווײַג,
אָפּוואַקס (בײַ ביימער, געוויקסן). 2. אַפּקער,
אָפּווענד (פֿון וועג, טײַך).
אַדנאַטיש — אַדי. וואָס האָט אָ שײַכות צו
אַדנאַציע ←.
אָדנאָליובאָק — דער, ־בּקעס. וונ ־בּקע, ־ס.
סל. < רוס. דער וואָס קען זיך פֿאַרליבן,
ליבֿ האָבן בלויז איין מאָל אין לעבן. „עס
זײַנען אָבער געווען אָ'עס, יונגע מענטשן
וואָס קענען ליבן בלויז איין מאָל...אין
ז ס בן“ קע

— די, ־ס. סל. < ךוס.
ר   מוק, באַגעגענישן.
אָד   וואָ
ביקס מיט איין רער. „ס'טרעפֿט זיך אַז די
אָ   בעסער פֿון אַן
אָספּאַל   ל] אַדי. רוסיצ. פֿאַר
, שיסט   אויטאָמאַט“.
נע — [ווייכע
איין מענטשן צו שלאָפֿן. אַן אָ, בעט.
אָדנאָעטאַזשנע — אַדי. רוסיצ.
איינגאָרנדיק, איינעטאַזשיק. די גאַנצע גאַס האָט נאָר
אָ, הײַזער.
אָדנאָפֿאַמיליעץ — דער, לצעס. רוסיצ.
ווער עס האָט דעם זעלביקן פֿאַמיליע־נאָמען.
„אַז מע הייסט ראַבינאָוויטש האָט מען אַ סך
אָ'עס“.
אַדנאַציע — די,.ס. < איי < ל.
צונויפֿגעוואַקסנקייט (בײַ געוויקסן ווען איין טייל
וואַקסט אַרײַן אין אַ צווייטן; בײַ בעלי־חיים,
ווען אין טראָגן וואַקסט זיך צונויף איין
עמב   מיט אַ צווייטן).
אָדנאָ   ייִקע — די, ־ס. < רום. שמאָלע
אײַזנבאַן־ליניע פֿון איין קאָלייע, איין פּאָר
רעלסן.

אָדנאָקאָנע —־ אַדי. רוסיצ. וואָס אין דעם
איז אײַנגעשפּאַנט נאָר איין פֿערד. אָ, פֿורלעך.
אָדנאָקאַשניק — דער, ־עס. ווב ־ניצע, ־ס.
רוסיצ. בּוזעם־פֿ !.נד, יוגנט־פֿרײַנד. „ער איז
מיר בּעסער ווי אַ בּרודער, מײַנער אַן אָ',
פֿון איין טעלער קאַשע געגעסן“.
אָדנאָרוטשקע — דער & די, ־ס. רוסיצ.
1. איינהאַנטיקער מענטש. “פֿון אים קען מען
קיין רעכטן פּאַטש ניט קריגן: ער האָט נאָר
איין לינקע האַנט, ער איז אַן אָ'“. 2.
לאַנגזאַמער, פּאַמעלעכער.
אַדנות — [אַ'דנע] די (דאָס), ־ן. > בּראשית
רבּה, צג, א. 1. הערשאַפֿט, מאַכט;
אויטאָריטעט. „דער מלך האָט איבּערגעגעבּן די אַ,
דעם שני־למלך און אַליין...“. 2. תּקיפֿות,
גדלות. דער פּרנס פֿירט זיך מיט אַ,.
אַדנע — ← אדושם. אַזוי ווי אדושם קען
בּאַטײַטן הן שם הוי, הן שם אד,, איז אויבּ מע
וויל אַרויסהייבּן אַז מע מיינט דווקא שם אד,,
ניצן חבּדניקעס שם אַ,.

אַדעליק

אַדסאָרבּירן — טרוו. ־בּיר, אַדסאָרבּירט.

< איי < ל. קאָנדענסירן און אויפֿהאַלטן אַ
גאַז, פֿליסיקייט אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון
האַרטע קערפּערס.

אַדסאָרפּציע — די, ־ס. פֿעאיקייט פֿון
געוויסע האַרטע קערפּערס אײַנצוהאַלטן אַרום
זיך אַ דינעם שיכט מאָלעקולן פֿון גאַז אָדער
פֿליסיקייט.

אַדסקריפּטאָ — דער, ־ס. שפּאַ. צוהעלפֿער,
געהילף. ער איז אַ' □ בוכהאַלטער. ער
פֿאַרנעמט דעם אַמט פֿון אַ'־כערענסיאַ [=
פֿאַרוואַלטער].

־אַדע — סופֿיקס אין אַ צאָל
אינטערנאַציאָנאַליזמען מיט פֿאַרשיידענעם באַטײַט.
בּריגאַדע,
קאַנאָנאַדע, קאַוואַלקאַדע. פֿרגל: ־אַד.

אָדע — די, ־ס. < איי < גר. ליריש
לויבגעזאַנג (צו גאָט, אַ העלד, אַ האַר אע, צו אַן
אידיי(ע), אויך צו אייגענער מוזע). „משׂכּילים
שרײַבן מיט איין האַנט שירים בשבֿח ההשׂכּלה
און וועגן די פֿיר צײַטן פֿון יאָר און אָדען —
דאַנק־ און לויב־געזאַנגען צו דער ממשלה“,
פּרץ.

אָדעאָ'ן — דער. מצ נבֿ. < איי < גר.
1. פּלאַץ אין אַנטיקער שטאָט אַטען, וואו

דיכטערס און מוזיקערס פֿלעגן אויפֿטרעטן אין פֿאַרמעסטן. 2. (אין טייל אייראָפּעאישע שטעט) טעאַטער־ אָדער קאָנצערט־זאַל.

אָדע'גיניס — דער, ־ן. לאַקל. שאַקי און אומג.,

[nisoo:e] < . עק, פֿערדישער עק גענוצט ווי אַ זידלוואָר], אין לשון פֿון ישובֿניקעס, קאַראַבעלניקעס.

אָדעגרען זיך — אוטוו. ־גרע זיך, ז ך אָדעגרעט. פּר. סל. < פּויל. צוריק געווינען וואָס מע האָט פֿאַרשפּילט; אָפּרע ענען זיך. „די צוויי ברידער די גזלנים האָבן זיך געוואָלט אָ, פֿאַר דעם בלוט פֿון זייערע פֿיר ברידער„, פֿמ [ביַי אונז יודען].

אָדעיאַלטשיק — דער, ־עס. רוסיצ. דער וואָס מאַכט דעקעס, מאַטראַצן. „יענע וואָך האָט אַ גריכישער אָ, אָפּגעבראָכט אין דעם ייִדישן שפּיטאָל באַשטעלטע מאַסראַצן“, קמ, 39 1865, No.

אָדעך — דער. מצ נב. סל. < אוקר. אָטעם, צי פֿון אָטעם. אין איין אָ, = אין איין אָטעם, מיט איין מאָל. „,... זיך געוועט מיט אים אַז ער וועט אויסטרינקען אַ קוואָרט בראָנפֿן... אין איין אָ'“, קמ, 6 1870, No.

אַדעלאַנטאָ —, די, ־ס. שפּאַ. 1. אַדערויף,
אַוואַנס. 2. פּעולה אין לערנען. 3.
קינעמאַטאָגראַף (אין די ערשטע אויפֿקום־יאָרן).
אַדעלאַנטאַדאָ — די, ־ס. שפּאַ. אַדערויף,
אַוואַנס: געלט, באַצאָלט פֿאָרויס. „איך וועל
דיר געבן אַ, פֿאַר אַ מאָנאַט“, מ. רובינשטיין,
אַ לעבן אין מעקסיקע.
אַדעלאַנטירן — טרוו. ־טיר, אַדעלאַנטירט.
< שפּאַ. 1. אַוואַנסירן. 2. אָפּגעבן כּבֿוד
דורך גיין פֿאָרויס צו עפֿענען אַ טיר, צו
באַדינען. מע דאַרף אַ אַ דאַמע.
,
אַ'דעליק — אַדי. וואָס געהערט צום אַדל,
וואָס האָט שטריכן פֿון אַדל(מאַן). „דעריבער
האָט באַוויליקט דער גײַסט פֿון די אַ'ע
מענטשן...„, תּניא. „[דער ליבעראַל] וויל אונדז

אָדעלסטינג

אַ, מאַכן און דעם טיטל בירגער געבן“, פּרץ,
אדעלסטינג —, דער. מצ נבֿ. די
נידעריי'די שטים פֿון ייִדישן פֿאָלק,.

קערע קאַמער פֿון נאָרוועגישן פּאַרלאַמענט (סטאָרטינג).
אָדעלסק — גנ. שטעטל אין גראָדנער קרײַז.
אַדעלעך — די. מצ. דזוו האַדעלעך [= מאַנעצונעמעניש: אָ'ער לאַד [= אָרדענונג].

אָ'דעמאַן — דער. מצ. אָדעלײַט. אויך: אָ־דע גרויפּן, מאַנע־קאַשע]. שעדלעץ און אומג..

— קירצונג. ייִדישער פּאָליציאַנט פֿון ,, אָרדנונגסדינסט“, ווי עס איז געווען די אָפֿיציעלע דײַטשע באַצייכענונג פֿאַר דער ייִדישער פּאָליציי אין די געטאָס אונטער די נאַציס (באַנוצט דערעיקר אין קליין־פּוילן), בלומ.
אַדעמאַסקין — דזוו אַדאַמאַסקין.
אַדען — גנ. 1. לאַנד אין דרום פֿון אַראַבישן האַלב־אינדזל, בריטישער פּראָטעקטאָראַט זינט 250 — 1839.1839 ייִדן; 2,121 — 1881 ייִדן. דוד על אַדעני געלעבט דאָרט אין 15. יה. 2. וויכטיקסטע פּאָרט־שטאָט. 3. אײַנגוס אין רויטן ים.
אַדען (אָדען) זיך — אוטוו. אַדע (אָדע) זיך; געאַדעט זיך. דזוו האַדיען זיך, (ה)

אַדזשען זיך, גאַדען זיך; זיך עקלען.

אַדענאָ־ — ערשטער טייל פֿון אַ צאָל טערמינען. < איי < גר. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַ דריז אָדער דריזן.

אַדענאָאי'ד — דער, ־ן. פֿונאַנדערוואוקס פֿון דריזן־אַרטיקע געוועבן אין אייבערשטן טייל פֿון האַלדז, הינטער דער נאָז.

געוויינטלעך געניצט אין מצ. אַ'ן שטערן דעם אָטעמען דורו

־אַ זוו פּאָל פּו. אַדי:

ד :י

־י

, .

ר נאָז.

אַדענאָלאָגיע — די. מצ נבֿ. טייל פֿון דער מעדיצין וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פּאַטאָלאָגיע פֿון דריזן.

אַדענאָ'ם — דער, ־ען. אויך: אַדענאָמע, די ־ס. טומאָר מיט אַ סטרוקטו ענלעך צו אַ

דריז.
אַדענאָמיע — די, ־ס. פּאַטאָלאָגישער
צושטאַנד פֿון אָנגעשוואָלענע דריזן.
אַדע'נד — דער, ־ן. < איי < ל. ציפֿער
אָדער מאַטעמאַטישער צייכן וואָס ווערט
צוגערעכנט צום ערשטן, פֿריִערדיקן. אין a + b
איז b דער אַדענד.
אַדענדום — דער, ־ס. < איי < ל. צוגאָב,
אַפּענדיקס, הוספֿה (צו אַ בוך).
אַדע

'נססאָל, אַד□נ□:נצי□.ונג פֿון אַ דריז.
מאָ — אַדוו. פֿטמ.
ני'ט — דער, ־
אַדע
דזוו דענסמאָל, דענצמאָל (אין ליטרש ניט
געניצט).
אַ'דענע — דער & די, ־ס. פֿטמ. פּאַד. <אוקר.
דזוו האַדינע, גאַדינע. זייער שלעכטער מענטש.
"איז דאָס אַן אַ, אַ פֿאַרשאָלטענער, פֿאַר דער
קלענסטער קלייניקייט איז ער גרייט דורס צו
זײַן!", בדיוו.
־ אַדע'ס, אָדע'ס — גנ. גרויסע שטאָט בײַם
ברעג שוואַרצ□ ים, אוקראַאינע. [אין 1797
— 246 ייִדן; אין 1914 — 165,000, אַ דריטל

פֿון באַפֿעלקערונג]. צונעמענישן: אַדעסער
באָסיאַקעס, הולסײַעס, זשוליקעס,
קאַרמאַנשטשיקעס, שאַרלאַטאַנעס. *לעבן ווי גאָט אין
אַדעס
= אין וואוילטאָג [טעם: אין אַדעס טשעפּעט
מען ניט דעם רבונו־של־עולם, מע בעט בײַ
אים גאָרנישט, מע לאָזט אים צו רו; פּאַראַלעל
צו: לעבן ווי גאָט אין פּאַריז]. שוו: „אַ, איז
קליין־פּאַריז" [ממוס, פּישקע: „אַ, איז
קלײנסטאַניסלאַווטשיק„, איר]. „צען מײַל אַרום
(הינטער) אַ, ברענט דער גיהנום" [ס'איז אַ
זייער זינדיקע שטאָט]; "גאָט זאָל אָפּהיטן
פֿון קאַמענעצער כאָדאָטײַעס און פֿון אַ'עו
הולטײַעס". פֿוּל: איר שפּילט זיך מיט אַ'ער
לבֿנה! [איר ווען מע דערציילט 'נסים, פֿון אַ
גרויסער שטאָט]. *אַן (די) אַ'ער לבֿנה = אַ
שיינע פֿרוי (אוקר, וורר). ח כ מ י ־ אַ ד ע ס
— געלערנטע און שרײַבערס פֿון אַדעס אין
דער השׂכלה־צײַט און אין אָנהייב 20. יה
[ממוס, אַחד־העם, דובנאָוו אאַ]. אַ'ער ייִדיש
— פֿול מיט רוסישע ווערטער.

אַדע'ס, אַדעסיין, אַדעסן — דער, ־ן,
־ען, ־סענעס. > פֿר: 1essein). פֿטמ. פּד.
דזוו דעס(ן), דע'סיין. צייכענונג אויף טאַפּעטן.
[אַ איז ▯ראָסטעטיש, צונויפֿשמעלץ מיטן
אומבאַשטימטן אַרטיקל].
אָדעסי'ט — דער, ־ן. וונ ־קע, ־ס. רוסיצ.
אָדעסער, איינוו, פֿון דער שטאָט אָדעס. „...ער
וועט ניט אַוועקגעבן קיין צען אויסגעפּאַשעטע
אָ'ן פֿאַר איין יעהופּעצער שפּעגעלאַנט“, שע,
מנחס־מענדל.
אַדעסער קאָמיטעט ▯— ספּעצ: צענטראַלע
אָרגאַניזאַציע פֿון די חובֿבֿי־ציון אין רוסלאַנד,
געשאַפֿן אין 1890.
אַדע'פּט — דער, ־ן. וונ נבֿ. > איי > ל.
1. אָנהענגער פֿון אַ דאָקטרין, סעקטע,
מאַסאָנישער לאָזשע אאַ, פֿון אַ פֿירער,
פּערזענלעכקייט אאַ. 2. ווער ס▯איז באַהאַוונט אין
די געהיימענישן פֿון אַ וויסנשאַפֿט.
אָדעקאָלאָ'ן
— דער, ־ען
לן. געמיש פֿון
. > פֿר. וואַסער

(ווערסערל) פֿון קאָלאָן = קע
אַלקאָהאָל און שמעקעדיקע סובסטאַנצן. בּי.
ליקער פֿאַרפֿום [צוערשט געמאַכט אין קעלן]
,,[זי] גייט צום שפּיגל...זי בּאַנעצט די האָר
מיט אָ', פּודערט זיך“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אָ
פֿערד־גנבֿ.
אַדעקוואַ'ט — אַדי. > איי >

לאַגע

ל. 1.
צוגעפּאַסט, אָנגעמאָסטן צום בּאַדאַרף, ווי די ־
פֿאָדערט. אַ'ער ענטפֿער. 2. פֿון גלײַכן ווערט
און בּאַטײַט. אַ'ער פֿאַרבּײַט, בּמקום.
אָדער — דער (די), ־ן. Mhd: â□er ־1 .
בּלוטגעפֿעס, ווענע (אָבּער אויך אַרטעריע). ,,...דאָס
בּלוט איז מיר געבּליבּן שטיין פֿאַרגליווערט
אין די אָ'ן"“, ממוס, קליינמענטשעלע. ,,...אַ ייִד
וואָס אין זײַנע אָ'ן פֿליסט □ ודיש בּלוט“, ספּ,
סודות ו= עכטער ייִד, געטרײַ דעם ייִדישן
פֿאָלק]. *אַז מע וואָלט האַקן מײַנע אָ'ן וואָלט
קיין בּלוט ניט געגאַנגען = איך האָבּ
גאָרנישט, בּין זייער שוואַך (אָרעם). *ער האָט ניט
קיין ייִדישע אָדער = האָט ניט קיין ייִדיש
האַרץ, קיין רחמנות. ,,עט איז קיין ייִדישע
אָדער אין אים,,, טענדלאַו, 680. ,,ווער עס האָט

קיין בושה ניט האָט ניט אין זיו קיין ייִדישע

אָדער

אָדער“, שוו [= אויך: שטאַמט ניט פֿון ייִדן].
פֿ אַ ר בּ ר י י ט ע ר ט ע אָ'ן = אויסגעבּרייטערטע ווענעס. „די הענט לאַנגע...מיט בּלאָע אָנגעשוואָלענע אָ'ן וואָס סטאַרטשען אַרויס פֿון אונטער דער געלער הויט“, ממוס, שטורעמצײַס. „,אָדערן האָבּן אָנגעהויבּן זיו אַרויסווײַזן אויף איר פּנים,„ ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. *עס קלאַפּט (ציטערס, צאַפּלט, שלאָגט) נאָך אַן אָ, = מע לעבּט נאָך, פֿאַראַן נאָך האָפֿענונג. *טרייבּערן די אָ'ן = אויך: שטאָך.ק צושטיין, מאַטערן, שטרענג פֿאָרשן, שלאָגן, דז *טרענען די אָ'ן. *דאָס בּלוט ווערט פֿאַרקילט (פֿאַרגליווערט) אין די אָ'ן = מע לעבּט איבּער גרויס שרעק.

ציִען די אָ'ן = פּײַניקן. „פֿאַר אַזאַ מעשׂה דאַרף מען זיי ציִען די אַ'ן — האָט בּנעימותדיק אַ זאָג געטא▯...“, חנ, ישיבֿה. *עס ציִען די אָ'ן = עס איז זייער אומעטיק, טרויעריק. *לאָזן אַן אָ', לאָזן (שלאָגן) צו דער אָ, = אײַנשנײַדן אַ ווענע און לאָזן אויסרינען בּלוט

ווי אַ היילמיטל, ווען מען איז אין הינערפּלעט,
בײַ אַ שלאַק־אָנפֿאַל און סתּם פּעריאָדיש ווי
אַ פּראָפֿילאַקטישער מיטל. „...ווען איינר זיך
פֿר פֿאנגן העט, דאָט איז זיין רפֿואה ער מוז
צו דער אָדר לאָזן, דא טאָר מן איס וואול צו
דער אָדר לאָזן“, לט 1/78 ,l. „...דער רבֿ טורי
זהבֿ שרײַבט אין יורה דעה, אַז עס איז
פֿאַראַן עטלעכע טעג אין יאָר וואָס אין זיי איז אַ
סכּנה זיו אָ, צו לאַזן ווײַל די טעג ווערן
גערופֿן יומי דדינא“, קה, תּרל“ח. „מע האָט
אים געשטעלט באָנקעס, געלאָזט צו דער אָ,
און אים אָפּגעצאַפּט אַ היפּש ביסל בלוט“,
ממוס, ווינטשפֿ. האַקן, עפֿענען, אויפֿעפֿענען,
שלאָגן אַן אָ, = דזוו לאָזן אַן אָ'. *גילדע(ר)־
נע(ר) אָדער = א) מאַרידן. “ווען איינם דיא
גילדני אַדר צו אָפֿט אודר צו פֿיל קומט, זוא
נעם ערד וועריט און, קאַו זיא מיט זיס
מאנדלין איל...מאַך איין זאליבֿ דרויש“, סור,
כו, בֿ. בֿ) יחוס (סאַרקאַסטיש). ער שטאַמט פֿון
אָ גילדענעם אָדער. “אַ ייִדישע ירושה איז
אַ גילדענע אָ',„ שוו. „...נײַע קאַנדידאַטן אויף
מלמדים, אויף מקבלים, אויף באַנקקוועטשער
און אויף גילדענע אָדער־ייִדן,„ ממוס,
קליאַטשע. קלאַפּאָדער = דפֿק, פּולס (tבֿ: דפֿק —

קלאַפּאָדר). אָ'־קלאַפּונג, אָ'־געוועב, אָ,־הײַטל. פֿרויען־אָ, = אָ, אונטערן קנעכל פֿון פֿוס (אויך בײַ אַ מאַן).
2. יעדער טייל פֿון קערפּער וואָס איז אַ פּאָדעמדיק געוועב; ליגאַמענט, אויך דיקער נערוו וגיד האָט מען תּמיד פֿאַרטײַטשט: אָדער, האָט עס געווירקט אויף אויסבּרייטערונג פֿון
בּאַטײַט]. שלינגאָדער = ווּשט, שלינגרער (⃞ בּ: ווּשט — שלינג אָדער). ש פּ אַ נ אָ ד ע ר. ש י נ אָ ד ע ר. ש פּ ר י נ ג אָ ד ע ר. (טוו פֿאַר גיד הנשה). „די שס„ה לא תעשׂה אויף צו אַפּטיילן די 365 אָ'ן פֿון דעם בלוט פֿוז נפֿש־החיונית“, תּניא, 94. „און פֿון די אָ'ן פֿון די חיות האָט ער געמאַכט סטרונעס און ער פֿלעגט זיך צושפּילן“, נחב, 'מעשׂה מבּערגיר והעני'.
3. אַרויסשטאַרצנדיק אָדער דורכלויכטנדיק געפֿעס אין בלאַט (פֿאַרן זאַפֿטן ⃞

אויסאָדער

בײַט צווישן בלאַט, שטענגל, וואָרצל). די אָ'ן פון בלאַט, פֿון געוויקסן. 4. לאַנגער (

שמאָ□ער) שפּאַלט אין שטיין, פֿעלדז, אונטערשט□
ערדשיכט, אָנגעפּי□ט מיט מעטאַל, מינעראַל;
צעצווײַגונג פֿון אַ מינע. אַ מינע מיט אַ סך
זײַטיקע אָ'ן. גאָלד־אָ'. מ□נעראַל־אָ'. אָ'־צווײַג.
o. קאָנט□קער, לאַנגער, אַנדערש־קאָליריקער
שטריך אין האָלץ, שטיין. האָלץ־אָ', שטיין־אָ',
מירמלשטיין־אָ,. „מירמלזײַלן מיט בלאָ□
אונרויטע אָ'ן“, יהואָש, 'אין טעמפּל'. □. ב□
יטײַך, טײַכל אָדער טײַך וואָס פֿאַלט אַרײַן
אין אַ גרעסערן. די ווײַסל מיט □ □ □ אירע
אָ'ן. „עס איז אַ סבֿרה אַז דער ניעמאַן איז
אַן אָ, פֿון ים הגדול אַליין“, אר, ,דאָס טײַכל,.
□. מענלעכער געשלעכט־אבֿר [אויפֿן סמך פֿון
ב2]. יצחק אשכּנזי, אוצרות פֿון ייִדישן הומאָר,
נ“י 1929.

אָרער — גנ. הויפּט־טײַך אין מזרח־
דײַטשלאַנד. אויך: אָר.

אָדער — קאָנ. Mhd: o□er. 1. דריקט אויס
די מעגלעכקייט פֿון ברירה, אויסקלײַב,
אַלטערנאַטיוו; צי. (פֿאַרבינדט גלײַכווערטיקע
זאַצטיילן אָדער זאַצן). אַזוי אָ אַזוי; אַהין

,

אָ, אַהער; גאָר אָ, גאָרנישט; בּרויט אָ, טוּי

רויט אָ, טויט; פּאָפּ אָ, כלאָפּ; בּלײַ אָ, פֿרײַ;
מיט גוטן אָ, מיט בּייזן; אויפֿן פֿערד אָ, אונ
טערן פֿערד; טרעף אָ, פֿעל אאַ. „ער פֿעדערט
זיך אָ, ער שפּעטיקט זיו צו גיין אין שטאָט“,
קה. „צולייגן אַן אויער, הערן זייער שמועס
אָדער אַ פֿרעג טאָן איינעם פּלוצעם...“, ממוס,
קליינמענטשעלע. „אַלי זאַכן ווערן דעם מענשן
אויף גליגט, ער זאָל זײַן קורץ אודר לאַנג,
ארים אודר רײַך, איין חכם אודר איין שוטה,
שוואַרץ אודר ווײַשׂ, אבּר אוב ער זאָל פֿרום
אודר בּיז זײַן — דאז איז דעם מענשן ניט
אויף גליגט“, מהמ, רטז/א. ענטפֿער אָ',
(אָ') ענטוועדער אָ, = איינס פֿון די צוויי.
קען זיך איבּערחזרן בּײַ יעדער מעגלעכקייט
(ווען עס איז מער ווי צוויי). רויט (אָדער)
גרין אָדער געל; געלטשטראָף (אָדער)
פֿאַרשיקונג אָדער טורמע. „עש איז אָסור צו גיסן
וואשר אויף איין זאָמן דש דר פֿון אויש
וואַקסט; מכּל־שכּן אויף קיין קאָרן אודר
ווייטץ אודר האבֿר — דז איז אָסור„, לט1,
2/80. 2. סײַדן, בּלויז אין דעם פֿאַל אַז...
„ער ועט געזונט ווערן אָדער עס וועט

קומען אַן אומגעריכטע קאָמפּליקאַציע". „דען
קיין פֿורמן האָט מן קענען קריגן צו הייאר
אודר מן האָט אין בצאלט גאַר טייאר", „נייא
קלאָג ליד פֿון חורבן ק"ק וורמיישא, (אַמשט,
1723), [פּש 3 [.III. אָבער [וועגן פלאָנטער
אָבער: אָדער ← אָבער ב3.] „ליב...לערנט
תּ"ל [= תּודה לאל] זער ערנשט אונ, ואול
...אודר מיין קאפּיל...לערנט נאָך ויל בעשר
תּ"ל„, פּראָגב, 13.

אָדער — אָדער — צגז קאָנ. דזוו אָדער, קאָנ.
אָ ד ע ר אויך פֿאַר דער ערשטער מעגלעכקייט
פֿאַרשטאַרקט, הייבט אַרויס די ברירה, דעם
אַלטערנאַטיוו, מאַכט בולטער דעם אַקעגנשטעל.
אָ, אַזוי אָ, אַזוי; אָ, גאָר אָ, גאָרנישט; אָ,
אַהין אָ אַהער אאַזוו; אָ, לעבן אָ, שטאַרבן;

אָ, דרײַ אָ, דרײַצן; אָ, אַ מת אָ, אַ נס; אָ, אַ

גליק אָ, אַ שטריק; אָ, אַ ממשלה אָ, אַ מפּלה;
אָ, אַ העט [= היטעלע] אָ, אַ גט. אָ, הענ
זיך אָ, טרענק זיו (טרינק זיך); אָ, זײַ
געזונט אָ, פֿאָר געזונט; אָ, עס העלפֿט ניט אָ,

מע דאַרף ניט; אָ, דער פּריץ וועט פּגרן אָ,
דער הונט וועט שטאַרבּן (פּגרן) [זאָל האָבּן
געזאָגט אַ ייִד וואָס האָט זיך אונטערגענומען
אין אַ יאָר צײַט אויסלערנען רעדן דעם
פּריצעס הונט.] „דערויף זײַנען בײַ ייִדן דאָ
צוויי אָדערן“, [ווש מיט אָדר א, אָדר בּ]: אָ, יאָ,
אָ, ניין. *איינס פֿון די בּיידע: אָדער 'תּצא
רוחו„ אָדער 'ישובֿ לאדמתו, [לויט תּהלים,
קמו, 4: „גייט אויס זײַן אָטעם, קערט ער זיך
אום צו זײַן שטויבּ“, תּי. דער וויץ בּאַשטייט
אין דעם וואָס אָ ד ע ר האָט דאָ ניט קיין
זינען אויבּ מע פֿאַרשטייט וואָס די ווערטער
בּאַטײַטן.] „אודר וועז עש לעג אויף דער בּאנק
אודר וואז עש אים ערט...טאָר ערש אַך
וואול אַוועק טאָן“, לט1, 1/70. „דער מענט
מוז אָ, זײַן אַ נאַר, אָ, אַ טויבּער, אָ, ער איז
קליגער פֿון אונדז“, קה. „קומט בּײַנאַכט, נעמט
ער זיך צו דער אַרבּעט: אָ, ער דאַוונט, אָ, ער
לערנט, אָ, ער קוקט אַזוי אַרײַן אין אַ ספֿר„,
שע, ,דאָס טעפּל„.

אַדעראָ'ן — דער, ־ען פּד. פּפֿ: אַדראָ'ן.

אַדערויף. „בּא קצבֿ אחר ונתן יותר...ונתן לו
אַדראָהן„, ר, יוסף שאול נאטאַנזאָהן, שו“ת
שואל ומשיב, לעמבּערג 1875.

אַד(ע)ראָ'<U+E000>; — דער, ־ן פּטמ. לד. אויך: אַדע.
רו'ו:[. דזוו אַדערויף. ,,גיט גאָט אַן אַ, אויף קליינע ווײַס־געקרויזטע שאָף‘‘, הר, אין שאָטן פֿון בויס.
אָ'דערדיק — אַדי. 1. וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ צאָל (איז פֿול מיט) אָדערן. ,,דער חלק לעבֿער איז צו אָ'‘‘. 2. זייער מאָגער; וואָס איז מיט אַרויסשטאַרצנדיקע אָדערן. אָ'ע הענט. ,,...מיט דעם אויסגעדאַרטן, אָ'ן נפֿש...‘‘, זש, נח פּאנדרע. 3. וואָס האָט אין זיך געוועבֿ, פֿעדעם, שטריכן וואָס דערמאָנען אין אָדערן. אַן אָ, בלאַט.
אָדערדיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אָדערדיק.
אַדערויף; — [אַדעראָף, אַדערוף, אַדעריף], דער, ־ן. < אויף (אַף)+דערויף. האַנטגעלט. פֿאָרויסגעלט; טייל פֿון פּרײַז, סומע וואָס קומט בײַ אַן אָפּמאַך, בײַם קויפֿן (ווי אַ גאַראַנטיע אַז מע וועט באַצאָלן שפּעטער די גאַנצע סומע, מ'וועט האַלטן דעם אָפּמאַך). געבֿן צען רובל אַן אַ., ,,מע מאַכט באַלד טאַקע אַ תּקיעת־כּף און מאָנטעפֿיאָרע גיט דערוויַיל אַן אַ'‘‘, ממוס, שלמה. ,,בײַם סוף פֿון אַלע סופֿן ווערט מקח

בּיק בּליִען וועט דער טרוים'. אַ'־געם
ייִפֿון אַלע אָנגעזאָגטע אַדעראָפֿן
ט.
„, בּאָמזע, ,

„אויפֿן אַדאַריף־געלט וועל איך שיקן אַ רוסישע קבּלה„, ייִל, דער סטאַטעק , אַדעס 1876.
אָדער ם ד — דער, ־ן. ייִד וואָס האָט מאַרידן;
-
מאָרידאַלניק [זיך אַסאָציאירט מיט כּסדר זיצן און לערנען].
אָדעריק — אַדי. דזוו אָדערדיק. אוקר, פּר. ל2.
אָדערל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון אָדער ם) אָלע בּבּ. קאַפּיטולאַר בּלוטגעפֿעס.

אָדר
אָדערל ם. ־געשניטן בײַם אָדער־לאָזן
אַז — דער, ־ן. אַרכ. אָרט פֿון וועגע וואָס איז אויפּ
(← דזוו). „ווען ער זײַן הנט טוט אַן זײַן אַדר לאָז, גיהער זיא אַך אבּ גהאקט צו ווערן, דען זײַן אַדר קען דער דורך אויף גין אונ, ער קען טוט בּלוטן„, מהמ, כג/א.

אָדער־לאָזן — דזוו לאָזן (שלאָגן) צו אַן (דער) אָדער. ← אָדער, בּ1. „...דא ווערפֿט איין איטליכר זיין לון זעלבּרט דריין, ווען ער איינם אַדר גלאזן האָט“, מבּ, לט.

אָדער־לאָזן — דאָס. מצ נבּ. פּראָצעס פֿון לאָזן צו דער אָדער (← אָדער בּ1). הקזה פֿאַרטײַטשט בּ 'אַדר לאָזן,. [אין שמות דבֿרים, 1542: א ו ד ר ל י ס]. „נאָך מרחץ און אָ־ל,“. „עס העלפֿן נישט קיין טרוקענע נישט קיין געהאַקטע בּאַנקעס, קיין אָ־ל, — עס איז בּיטער!„, פּרץ, בּילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רײַזע.

אָדער־לאָזער — דער, ־ס. אַרכ. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אָדער־לאָזן. „וואַש וואַרן נון דיא ווערק פֿון דען אבֿא אומנא [←.]? ער וואַר איין אַדר לאזר„, מבּ, לט.

אָ'דערלעכדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז דורכגענומען מיט דינע אָדערן; וואָס מע זעט בּולט אַרויס די בּלוילעכע אָדערלעך. „די וועלט איז אַזוי אײַזן־פֿעסט און די הענט אַזוי אָ, איידל“, ימ, נײַס, 1923

.

אָדערן — טרוו. אָדער, געאָדערט. 1. שנײַדן, ציִען אָדערן פֿון פֿלייש. אָ, לעבּער פֿאַרן צעמאָלן. 2. טרייבּערן, כּשר מאַכן פֿלייש

דורך אַרויסציִען די אָדערן. 3. רײַסן שטיקער פֿון עמעצן, נעמען דאָס לעבן. „וואָס אָדערסטו מיך? ווילסט מיך כּשר מאַכן?“.

אָדערנווייז — אַדוו. לויט בּאַזונדערע אָדערן.

--

מנקר זײַן, אויסניקורן אָ'. „אין די טיפֿענישן פֿון דער ערד הער איך דאָס...געוויש־געזאַנג פֿון מײַן לעבן שטראָמענווײַז, אָ'“, הל, קיינעמס ל□נד.

אָדערן זיך —. אוטוו. אָדער זיך, זיך געאָדערט. נעאָל. זיך ציִען ווי אָ'ן. „אין מײַן שטאָט אָ, זיך טײַכן פֿאַרגליווערטע„, מלכּה לי.

אָדערקע — די, ־ס. פּר, מיטן־גאַליציע, פּאָד. דזוו אָדירקע, אָדיערקע, אָבּדיריק.

אָדפּוסט — דער, ־ן. < פּויל. 1. גלחישער ריטואַל פֿון זינד־פֿאַרגעבּונג נאָכדעם ווי דער גלייבּ□קער קריסט איז זיך מתוודה אויף זײַנע זינד. 2. פּילגרימשאַפֿט (איינציק אָדער פּאַרטיעסווײַז) פֿון קריסטן צו אַ פֿאַרהייליקט אָרט כּדי אויסבּעטן פֿאַרגעבּונג אויף זינד אָדער היילונג פֿון אַ קראַנקייט. „די פּראַטשקע וועט ניט קענען קומען די וואָך, זי איז געפֿאָרו אויף אָ'“. [אין חדר־לשון: שמד־פּוסט].

אַד קאַלענדאַס גרעקאַס פֿראַזע, ל.

.--

אויף אַ ווײַטער, אומבאַשטימטער צײַט; אויף אָ טאָג וואָס איז ניטאָ אין קאַלענדאַר; דזוו ווען עס וועט זײַן דרײַ טעג ראָש־חודש.

אד״ר — ר״ת פֿון: אָדר ואשון.

אָדר — [אָ'דער] דער, ־ס. נאָמען פֿון צוועלפֿטן חודש, רעכענענדיק פֿון ניסן, אָדער פֿון זעקסטן, רעכענענדיק פֿון תּשרי. חודש צווישז שבֿט און ניסן. [אין אַן עיבור־יאָר זײַנען דאָ צוויי אָ'ס: אָדר ראשון → און אָדר שני →].

אַדראַבינע

אַן איינציקער אָ, האָט 29 טעג. זײַן 'מזל, איז דגים, פֿיש. ז, (בּ)אָדר איז משה רבינוס יאָרצײַט; דער פֿערצנטער טאָג אין אָ, איז פּורים. „משנכנס אָ, מרבּים בּשׂמחה“, תּענית, כט/א = ווען עס קומט אָן דער חודש אָ, פֿאַרמערט מען שׂמחה. „אָ, לאַזט מען זיך צו דער אָדער“ = מע לאָזט זיך צאַפּן בּלוט, דה מע האָט אַ סך הוצאות אויף פּסח. „שבֿט ניע בּראַט, אָ, ניע בּרודער“, שוו = אין חודש שבֿט זײַנען גרויסע פֿרעסט, איז דער חודש ניט קיין בּרודער; אָבער אויך דער חודש אָ, איז

גיט גוט, ווײַל דאָס וועטער האַלט זיך אין איין בײַטן.

אַדראַ'בינע — דזוו אַדרבֿא, שפּאָטיש.

אדראָ זוטאָ — [אי'דראָ זוטאָ] 'קלײנער צונויפֿקום'. נאָמען פֿון אַ טייל פֿון זהר (טייל פֿון פּרשה האזינו) [דאָרטן ווערן איבערגעגעבן די לעצטע רייד פֿון ר, שמעון בן יוחאי פֿאַר זײַן טויט בײַ אַ קלענערן צונויפֿקום פֿון תּלמידים]. המשך פֿון אדראָ רבֿאָ ←.

אַדראָ'ף — ← אַד(ע)ראָף. „די פּריצים...מוז מען געבן געלט צום זמן אַז ניט — איז דער אַ, אין דער אַרבעט“, קמ, 2 1870, No.

אדראָ רבֿאָ — [אי'דראָ ראַ'בֿאָ] 'גרויסער צונויפֿקום,. נאָמען פֿון אַ טייל פֿון זהר, (טייל פֿון פּרשה תּרומה). [בײַ אַ גרעסערן צונויפֿקום פֿון זײַנע תּלמידים אַנטפּלעקט ר, שמעון בן יוחאי זײַן באַנעמען גאָט און וועלט; די תּלמידים זײַנען ממשיך די רייד פֿון רבין. דער סאַמע סיסטעמאַטישער טייל פֿון זהר]. ← אדראָ זוטאָ.

אַדרבֿא, ־בֿה — [אַ'ד(ע)ראַבֿע] זוו. תּל.

1. „[לאָמיר זיך ווענדן] צו דער שטאַרקערער זײַט, פֿאַרקערט גאָר; דער היפּך פֿון דעם

- .

איז ריכטיקער (בילכער, גערעכטער אע). אַ', ס'איז גאָר אַ גדולה, אַן אויפּטו. אַ, ס'איז גאָר אַן עוולה, אַ חטא. „אַ, — כאַפּ איך זיך דווקא אָן פֿאַר דער אַגדתּא...ווי אַן אמתער תּלמיד־חכם וואָס מוז זאָגן פֿאַרקערט“, ממוס, „בישיבֿה של מטה'. „אַ הייסער מרחץ — איַ, ס'דערקוויקט! אַ טבֿילה — אַ', וואָס קעלטער!“, פֿרוג I, 'חמשה־עשׂר'. „מיינט נישט אַז איך באַקלאָג זיך, אַ, איך בין זייער צופֿרידן“, שע, קליינע מענטשעלעך. 2. (מיט שינוי אין ערשטיקן באַטײַט). זאָל זײַן אַזוי, טאַקע אַזוי (דריקט אויס צושטימונג, וויליקייט, גרייטקייט) פֿאַרוואָס טאַקע ניט? אַ', מיטן

. „

גרעסטן (שענסטן) כּבֿוד!“. „דאָס איז דאָך ערשט די גאַנצע חריפֿות! אַ„ לאָז אַ ייִד ברעכן דעם קאָפּ, פֿאַלן אויפֿן שׂכל און געפֿינען...“, ממוס, פֿישקע. „אַ מיידל איז ווי סאַמעט — אַ', גיב אַ גלעט“, שוו [אויפֿן סמך פֿון אַן עלטערן שוו: אַ מיידל איז ווי סאַמעט — עס טאָר אויף איר קיין פֿלעק ניט פֿאַלן]. 3. אַנו, טו(ט) עס! (דריקט אויס אויפֿפֿאָדערונג, אַרויסרוף, דערמוטיקונג). „אַנו, אַ', ווײַז וואָס דו קענסט!“. „ראַנגלט זיך, אַ', וועלן מיר

זען ווער ס'איז שטאַרקער". ,,אַ', לאָז מען זען ווער וועמען וועט איבערשפּאַרן", ממוס, ווינטשפֿ. ,,האָסט אַ טעות...עס וועט נישט גיין. פּרפּוו אַ', וועסטו זען", ממוס, פּריזיוו.

47

,,מיר וועלן ניט לאָזן. אַ', ווי זאָגט איר, יונגעלײַט?", ספּ, סודות. ,,האָט זי גענומען אָ חומשל און אויפֿגעמישט. אַ', ווײַז מיר צי

.

קענסטו כאָטש דאַווענען", ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג'. 4. איך (מיר) בעט(ן) אײַך (איידעלער אופֿן פֿון געבן אַן עצה, אויסדריקן אַ בקשה). "גיט אַ, אַ גרעסערע נדבֿה". ,,העלפֿט אונדז אַ, מיט אַ קלוג וואָרט,,. ,,זענען מיר...געבליבן אָן דירות, און וואוהין — זאָגט אַ, — זאָלן מיר זיך אַהינטאָן?", ממוס, ,נשׂרפֿים'. 5. ווי אַן איידעלער ענטפֿער אויף אַ דאַנק. ,,— אַ שיינעם דאַנק אײַך! — אַ', ניטאָ פֿאַר וואָס". 6. און

דערצו נאָך, און ווי אַ צוגאָב צום פֿריִערדיקן.
„אַוודאי וועל איך עס טאָן, איך וועל נאָך אַ,
אַ מצווה פֿאַרדינען“. „אַן אָפּגעריסענע פֿון
אַלץ, בלאָנקעט די נשמה אין דער...וועלט...
און זוכט אַ, וואָס מער פֿאַריתומט צו ווערן“,
בעל־מחש▯ות I.

אַדרבא איפּכאָ (מסתברא) — [אַדעראַ'בע
אי'פּכע (מיסטאַ'ברע)] תּל. פֿאַרקערט, דער
היפּך פֿון דעם לייגט זיך אויפֿן שׂכל; דאָס
פֿאַרקערטע דרינגט גאָר אַרויס (בײַ אַ
דיסקוסיע, וויכּוח, ווי אַ דיאַלעקטישער טערמין).
„הוה אמינא — וואָלט איך מיינען (זאָגן)...
אַ, א, מ'“. „הייבט זיו אַ קאָפּ און זאָגט:
אַ, א'! אמת, עס זענען דאָ עטלעכע
פֿלעדערמײַז, אָבער מיר אַליין...,,, פּרץ, ליטעראַטור
און לעבן.

אַדרבא(־בה) ואַדרבא(־בה) — [
אַדעראַ'בע ווייאַ'דעראַבע] צב. 1. דזוו אַדרבא ←,
נאָר עמפֿאַטישער, פֿאַרשטאַרקט,
אַרויסגעהויבן. „ער וואָלט תּיכּף געהאַט עולם־הבא.
וואָרן טאַקע פֿאָר־.וואָס נישט? אַ, ואַ,!“,
טעיאַטאָר. „אַ, ואַ,, איר באַדאַרפֿט דאָס טאָן, איר
וועט מאַכן ליכטיק דעם געגנט מיט דעם אור

החסידות“, לדבֿ. 2. אַדוו. אין גוטע (בעסטע) באַציאונגען; גאָר גערן (וויליק, גרייט) צו טאָן עפּעס. מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן. „איך בין מיטן פּריץ (הונט) אַ, ואַ', נאָר דער פּריץ (הונט) איז מיט מיר קידער־ווידער“, פֿוול. „דער פֿרומער ייִד...דערלאַנגט די האַנט דער פֿרײַער יוגנט און איז מיט זיי אַ, ואַ',„ ייִפֿאָל, .No ,1882 43

אָדר ואָדר — [אָ'דער וויי'אָדער] די ביידע אדרס, אָדר־ראשון ← און אָדר־שני פֿון אַן

←

עיבור־יאָר.

אַדרוי'ף; — [אַדראָ'ף, אַדרו'ף], דער, ־ן. דזוו אַדערויף ←, אַדעראָף, אַדראָף. „און האָב בײַ אים גענעמען איין אַ, הונדערט פֿופֿציק זילבערנע רובל“, יפּ. „ווער עס האָט אונדז געשיקט אַ'ן זאָל שיקן דאָס איבעריקע און אַרויסנעמען די ספֿרים„, קמ, No ,l865 20, מודעה. „ווער עס האָט עפּעס געהאַנדלט און האָט געגעבן אַ'“, חא, נא/א.

אַדר“ה — ר“ת פֿון: א, דראש חודש.

אַדריאַטיק — גנ. די. אַדר אַטישער ים און

זײַנע ברעגן, דאָס געביט אַרום אַדריאַטישן ים.

אַדריאַטישער ים — גנ. ים צווישן די
בּרעגן פֿון איטאַליע (מערבֿ), יוגאָסלאַוויע און
אַלבּאַניע (מזרח).

אַדרעס

אַדריאַנאָפּאָל — גנ. פּראָווינץ און שטאָט.
געהערט צו טערקײַ, נאָך ערשטער
וועלטמלחמה צו גריכנלאַנד. [ייִדן זינט 389. אין
80ער יאָרן l9. יה 8□00 ייִדן צווישן 70,000].
די טערקן רופֿן די שטאָט עדירנע.
אָד(ר)יזשין — גנ. שטעטל. דראַהיטשינער
קרײַז, פּאָלעסיע. yn□o(lry: □. צונעמעניש:
אָ'ער לונגען. אין 16. יה גאַהאַט דרוקערײַ.
אַדרייסים — די. דזוו אַדרעסן, מצ פֿון
אַדרעס ←. [קען האָבּן בּײַטעם פֿון גוזמא,
פֿון בּיטול]. „און עס הייבּט זיך אָן אַ חתונה
מיט אַ"", שע, 'אין געפֿענגעניש'. „ווער זײַנען
בּײַ אונדז די סאַמע גדולים? נעמט און
פֿאַרשרײַבּט, וועל איך אײַך זאָגן אַקוראַט מיט די
אַ, און מיטן יחוס", שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
אַדרינע, אַדרענע — די, ־ס. < וור, רוס.
שטאַל פֿאַר היי. „...אום צו שלאָפֿן אויף
פֿרישע היי אין אַ"", אמד.

אַדרכתא — [אַדראַכ'טע] די. מצ נבֿ. תּח, זן.
< בּבא בּתרא, קסט/א. לעגאַלע דערלויבּעניש פֿאַרן קרעדיטאָר אַרײַנצוקומען צום בּעל־חובֿ (אין הויז, הויף, געשעפֿט) צו בּאַקוקן, אָפּשאַצן און אויך צונעמען זאַכן. (סוחריש)
אונטערשרײַבּן אַן אַסמכתּא אויף אַן אַ, = אונטערשרײַבּן אַ וועקסל.
אָדרע'ז, אָדריז — דער, ־ן. < אוק. רעשטל פֿון אַ שטיקל סחורה, אָפּגעשניטענער טייל פֿון עפּעס. דזוו אָבּרעז.
אַדרענאַ'ל — דער, ־ן. < איי < ל. ע.. אָקרינישע דריז וואָס ליגט איבּער יעדער ניר, פּראָדוצירט אַ ריי האָרמאָנען ווי: אַדרענאַלין, קאָרטיזאָן אאַ.
אַדרענאַלין — דער. מצ נבֿ. קרעפֿטיקער סטימולאַנט, בּאַנוצט אין מעדיצין [קאָמערציעל פּראָדוצירט פֿון אַדרענאַל־דריזן פֿון שעפּסן און רינדער, היילמיטל קעגן אַלערגיעס, אַסטמע, שאָק אאַ. o] 1 I] C] אַדי. ־יש.
.
אַדרע'ס — דער, ־ן. אויך: ־סע (גאַליציע, קורלאַנד). [אויך אַ'דרעס בּײַ בּבֿ 1—2].
1. אויפֿשריפֿט אויף אַ קאָנווערט, פּאַקעט, מיטן נאָמען און וואוינאָרט פֿון פּערזאָן צו וועמען

עס ווערט געשיקט. ריכטיק אָנשרייַבן דעם אַ'. 2. וואוינאָרט. ער בּײַט זײַן אַ, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. 3. (פֿײַערלעכע) רעדע אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. „עס טרעט אַרויס אַ גוטער מלאך מיט אַ רעדע, מיט אַ'ן און בּרכות אין נאָמען פֿון זײַנע...גוטע מלאָכים„, ממוס. 4. שריפֿטלעכע בּאַגריסונג און בּאַערונג לכּבֿוד אַ מענטשן בּשײַכות מיט אַ וויכטיקער דאַטע אין זײַן לעבן, טעטיקייט. 5. שריפֿטלעכע ווענדונג צו אַ רעגירונג, אַמט, הויכער פּערזאָן, אין נאָמען פֿון אַפּעלאַנטן. „אין סענאַט האַנדלט זיך איצט וועגן דעם אַ, וואָס מע דאַרף איבּערגעבּן דעם קייסער, אַ תּשובֿה אויף דער טראָן־רעדע“, קמ, 1865, No 13.
6. פֿײַערלעכער קול־קורא, אויפֿרוף צום בּרייטן עולם. „דער הײַנטיקער טאָג איז היסטאָריש דערמיט וואָס איירָאָפּע וועט בּאַקומען אונדזער אַ', כ'מיין פּוילנס אַ'“, אָפּאַ, 1863.

אַדרעסאָגראַ]

אַדרעסאָגראַ'ף — דער, ־ן. מאַשין צו אַדרעסירן, בּ1, אויפֿצוקלאַפּן, אויפֿצודרוקן אַר רעסן.

אָדרעסאַ'ט — דער, ־ן. דער (די) צו וועמען
עפּעס ווערט אַדרעסירט.
אַדרעסאַ'נט — דער, ־ן. דער (די) וואָס
אדר ס־בוּר ( )
— דער, דאָס, ־בּיכער
שי ט עפּעס צו ווײַטן.
-
-
(־לעך). ספּעציעל בוך (בּיכל) צו
פֿאַרצייכענען אַדרעסן, טעלעפֿאָן־נומערן. אַלפֿאַבעטיש
אויסגעשטעלט.
אַדרעס־ווײַזער — דער, ־ס. יעדער מין
רשימה מיט אַדרעסן פֿון מענטשן אָדער
פֿירמעס (וואָס האָט אַ ספּעציעלן צוועק). „אַ־וו,
פֿון ווילנער פֿירמעס“, די בּימה, ווילנע 1925,
No 10.
אַדרעסירן — טרוו. ־סיר, אַדרעסירט. 1.
אָנשרײַבן דעם אַדרעס. אַ, קאָנווערטן. „אַ גוטער
מלאך גייט אום און זעט אַז איטלעכער פּאַקעט
זאָל ווערן ריכטיק אַדרעסירט און וואָס צום
שנעלסטן טראַנספּאָרטירט“, יהואָש. 2.
בּאַגריסן (רעדן אויף) אַ פֿאַרזאַמלונג. אַ, דעם
עולם, די פֿאַרזאַמלונג. אַמ. 3. זיך ווענדן
אויף אַ פֿײַערלעכן אופֿן. אַ, די רעגירונג.

4. אַוועקשיקן. „זיא...העט קיין גילעגנהייט קענן טרעפֿן די בּריבֿן צו אַ, זוא האָט זי אונטר מײַן בּריבֿ אַן אײַך גישריבּן„, יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל״ד.

אַדרעסירער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס שרײַבּט אַדרעסן. 2. רעדנער (־ין) אויף אַ פֿאַרזאַמלונג (איר בּײַטעם).

אַדרעסלאָז — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַן אַדרעס, אָן אַ בּאַשטענדיקן וואוינאָרט. 2. פֿאַרלאָרן; וואָס ווייסט ניט וואו זיך אַהינצוטאָן.
„און דערווײַלע מיט אַן אַדרעסלאָזן פּנים...
שטיי איך...און פֿרעג: ווי זאָל איך...
דערקאָנען צו מײַן אייגענער בּאַהעלטעניש דעם וועג?״, הל.

אַדרעסן־בּיוראָ — דאָס, ־ען. מוניציפּאַלער אָדער פּאָליצייאישער אַמט (אויך פּריוואַט אין טייל לענדער) וואו מ׳קען זיך נאָכפֿרעגן אויף אַדרעסן פֿון אײַנוואו׳ס. (אויך: אַדרעסן־קאַנטאָר, אַדרעסן אַנשטאַלט).

-

אַדרעסנע(ר) סטאָל — דער. מצ נבּ. סל.
< רוס. אַדרעסן־בּיוראָ [אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער וואו עס איז אָבּליגאַטאָריש צו מעלדן וועגן בּײַטן דעם וואוינאָרט]. „אין

דער גרויסער שטאָט קיִעוו איז ביז הײַנט ניטאָ
קיין אַ, ס, און אַז מע דאַרף אָפּזוכן איינעם
איז זייער שווער“, ייִפּאָל, 7 l887, No.
אָדר־ראשון — [אָדער־רי'שן] דער, ־ס. '
ערשטער אָדר,. נאָמען פֿון צוועלפֿטן חודש אין אַן
עיבור־יאָר. ← אָדר. אָ'־ר, האָט 30 טעג. [אָ'־ר,
איז אַ טפֿל צו אָדר־שני; דעם פֿערצנטן טאָג
אין אָ'־ר, איז פּורים־קטן, מע זאָגט ניט
תּחנון]. ווען מע זאָגט (שרײַבט) סתּם ,אָדר,
און עס איז אַן עיבור־יאָר — איז עס אָ,־ר,.
אָדרש — [אָ'דערש] אַדי. נעאָל. וואָס איז
שייך (כאַראַקטעריסטיש) פֿאַרן חודש אָדר.
„...ווי פֿון אַ שוואַרצן טײַך אַן אָ'ער צעגאָס“,
□מ, ס□נס.

אָדר־שני — [אָדער־שיי,□] דער, ־ס. '
צווייטער אָדר'. נאָמען פֿון דרײַצנטן חודש אין אַן
עיבור־יאָר, צווישן אָדר־ראשון און ניסן. ← אָדר.
אָ'־ש, האָט 29 טעג. פּורים, אַלע
געדענקטעג און בר־מצווה פֿון ייִנגלעך, געבאָרן אין
אָדר פֿון אַ פּשוט יאָר — ווען
אַריבערגעטראָגן אין אָ,־ש'. [אַ יאָרצײַט ריכט מען אָפּ

דאָס ערשטע יאָר אין □דר־ראשון, אַלע שפּעטערע יאָרן אין אָדר־שני]. הייסט אויו ואָדר [„ווייאָדער“].

אָד“ש — ר“ת פֿון: אָדר שני.

א“ה — ר“ת פֿון: אַבֿ הטומאה, אַבֿ הרחמים, אבֿן העזר, אָדם הראשון, אַהבֿת השם, אומות העולם, אותו האיש, אי הכי, איסור הנאה, אליהו הנבֿיא, אַנשי השם, אַפֿילו הכי, אַתּה הראת.

אַהאַ, — אויסרופֿוואָרט. 1. [מיט אַ העכערער צעצויגענער נאָטע און שטאַרקער באַטאָנונג פֿון צווייטן טראַף]. דריקט אויס צופֿרידנקייט, ווען מע פֿאַרשטייט סוף־כּל־סוף, מע כאַפּט זיך אין וואָס עס גייט, מע טרעפֿט. „אַ,, איצט ווייס איך שוין וואָס דו מיינסט,,. “אַ,! איו ווייס שוין, איך האָבֿ אַן עצה“, שע. 2. דריקט אויס פֿאַרוואונדערונג איבער עפּעס וואָס איז געשען פּלוצעם, זייער גיך. „,...האָט ניט אוספּייעט אויסריידן — אַ', יענער איז שוין דאָ“, ממוס, ,בישיבֿה של מטה'. „,...רחלע האָט נאָר וואָס געעפֿנט די אויגן — אַ', דאָס קריגל ציקאָריע שטייט שוין אויפֿן טיש“, שע, סטעמפּעניו. 3. דריקט אויס געפֿיל פֿון נצחון, פֿר□.ד פֿון דערגרייכן. „,אַ,! איך האָבֿ דיך

געכאַפּט!“. 4. ווערט געניצט בײַם רייצן זיך
מיט עמעצן, דריקט אויס צו־להכעיס. „אַ'! אַ'!
האָסט מיך ניט געכאַפּט!“. ”דער רובל אויף
דער ערד...האָט איראָניש געקוקט...און
האָט ווי גערעדט: אַ'! אַלץ איבער מיר...
איבער מיר!“, אר, 'דער ליגן'. 5. דריקט
אויס צופֿרידנקייט מיט אַ פּסק וואָס עמעצער
האָט באַקומען, באַפֿרידיקונג מיט דעם וואָס אַ

שולדיקער איז געוואָרן באַשטראָפֿט. „אַ', ער
האָט עס כשר פֿאַרדינט“. אַ', ער איז
אַרײַנגעפֿאַלן מיט זײַנע שווינדלערײַען!“. 6. [
צווייטער טדאַף שטאַרק באַטאָנט, אָבער אָפּגעהאַקט,
קורץ]. דריקט אויס חוזק און חידוש, ווען
עמעץ מישט זיך אַר .ן אומגעבעטענערהייט. „אַ'!
ער איז שוין ווידער דאָ! ווער פֿרעגט דיך?“.
„סע ווערט אַ ביסל גראַמער — אַ'! איז שוין
ווידער אויס ברודערשאַפֿט“, ממוס, 'בישיבֿה של
מטה'. 7. [מ ט אַ גלײַכער לענג פֿון ביידע
טראַפֿן]. ווערט געניצט בײַם מוסרן, אויסריידן
פֿאַרן ניט פֿאָלגן. „אַ', ס'איז הייס. כ'האָב דיר
געזאָגט, 'סט זיך אָפּבריִען די ליפּן“.
אָהאָ, — אויסרופֿוואָרט. 1. דריקט אויס

צופֿרידנקייט, פֿרייד, געפֿיל פֿון נצחון. „אָ'!
האָב איך אים דערלאַנגט!“. „...אַזאַווירעכע אַז
זיא פֿעלט — אָ', נישטאָ שוין דער הולטײַא“,
מס, משלי, תּקע“ד, ▯, 25. 2. דריקט אויס
באַגײַסטערונג, התלהבֿות. “אָ'! דעם רבינס
מופֿתים!“.

אָהאָלושען — טרון. ־שע, אָהאָלושעט.
< אוק, וור. דזוו אָגלושען ←.

אַהבֿה

אַהאַסווע'ר, ־ספֿע'ר — 1. נאָמען פֿון
לעגענדאַרישער פּערזאָן וואָס ווערט אויך
אָנגערופֿן 'וואַנדערנדיקער ייִד', ▯אייביקער ייִד'.
< אַחשורוש. קריסטלעכער סימבאָל פֿון ייִדישן
פֿאָלק וואָס זאָל זײַן פֿאָרמשפּט אייביק צו
וואַנדערן, קיינמאָל ניט געפֿינען קיין
מקוםמנוחה. [לויט קריסטלעכער לעגענדע פֿון 12.
יה — אויפֿן יסוד פֿון אַן אויסטײַטשונג אין
ברית חדשה (מתּי 16: 28) — האָט יעזוס,
מיטן קרייץ אויף די פּלייצעס, זיך אָפּגעשטעלט
אויפֿן וועג צו 'גאָלגאָטאַ, בײַם הויז פֿון אַ
ירושלימער שוסטער וואָס האָט געהייסן אַ,;
אַ, האָט אים אַוועקגעטריבן און דערפֿאַר האָט

אים יעזוס פֿאַרשאָלטן אייבּיק אַרומצוּוואַנדערן, בּיז ער וועט צום צווייטן מאָל אַראָפּקומען אויף דער ערד]. „פֿאַר גויים בּין איך אַ געשטראָפֿטער אַ', בּין אַ סאַדיסטישע לעגענדע זייערע“, צײַט, נעזאַמלטע שריפֿטן I, וואַרשע.
2. פֿון אַ בּילד פֿון אַ זינדיקן אַריבּער צו דער מאַיעסטעטישער געשטאַלט פֿון אַ גערודפֿטן גלות־ייִד, וואָס איז אַ סימבּאָל פֿון אַריבּערטראָגן אַלע לײַדן און פֿון גרויס בּטחון.
געוואָרן אויך אין ייִדישער ליטעראַטור אַ נאָמען פֿאַרן אייבּיקן ייִד. „דאָרט שפּרײַזט אין ווײַסן אַ'..., די וואונדן ניט פֿאַרבּונדענע“, אַל II. „מיט אייבּיקן גורל פֿון אַלטן אַ, אויף וועמען גלות־גזר האָט קיינמאָל ניט קיין שליטה,,, לאַפּין, פֿולער קרוג. „דער גוף אַ'ס האָט לאַנג שוין בּאַדאַרפֿט... פֿונאַנדערפֿאַלן..., און אָט איז אַ נס: ער איז אײַזנשטאַרק“, הל, טרעבּלינקע. „[אַשס] העלד איז דער ייִד אין וועג...דער ייִד וואָס גאָטס ערד איז אים אַ היים און אַן עשאַפֿאָט, דער ייִד וואָס זײַן נאָמען איז: אַ'“, שנ, דעדציילעדס און ראָמאַניסטן.
אַהאַ'קאַלע — דער, ־ס. אוקר. < אוק.
ווער עס ענטפֿערט אויף אַלץ מיט 'אַהאַ!'.

„ער איז ניט מער ווי אַן אַ', חוץ אַהאַ וועסט
פֿון אים קיין זאַך ניט אַרויסקריגן".
אַהאַקען — אוטוו. ־קע, (גע)אַהאַקעט. אוקר.
ענטפֿערן אָדער אָפּפּטרן מיט ◌ אַהאַ!. „וואָס
אַהאַקעסטו מיר? רעד קלאָרע דיבורים!".
אָהאָראָ'דינע — די, ־ס. אוקר. < אוק, וור.
גאָרטנוואַרג, גרינס. אויך: האָראָדינע.
אַ'האָרן — דער, ־ס. < דײַטש, לאָקל, גאַליציע,
טשערנאָוויץ. דער בוים קליאָן. אַ , ־ צ ו ק ע ר
— געמאַכט פֿון זאַפֿט פֿון געוויסע מינים
קליאָן.
אהבֿ את המלאכה — [עהאַ'וו עס האַמלאָכע]
← אהובֿ את המלאכה.
אַהבֿה — [אָ'האַווע, אַהאַ'ווע] די, ־בֿות (זן).
< שיר השיריס אאַ. 1. ליבשאַפֿט צווישן
מאַן און פֿרוי, ספּעצ וואָס בינדט זיו מיט
צערטלעכקייט, איבערגעגעבנקייט. „דיא אַ, ניט
לענגיר גיווערט„, גה, 298. „און עס ווערט
צווישן די צוויי אַ מין אַ', אַ ליבשאַפֿט אַז
ס'איז גאָר אַ מחיה צו קוקן", שע, 'בערעלע..
„און אין די אויגן האָט אַ פֿרישע אַ,
אָנגעהויבן צו שפּראָצן„, ווײַס, 'מזל־טובֿ'. „גיי
ווייס צי עס איז אַ, צי תּאווה — אַז עס
איז אין דער פֿינצטער", פֿוול. 2. ליבשאַפֿט

אַהבָה בתענוגים

צווישן עלטערן און קינדער; ליבשאַפֿט צווישן
פֿרײַנד, צוגעבונדנקייט. „ווי דער שטייגער איז
נאָך אַזוי איין אַ', האָבן זיך די חבֿרים געשריבן
אַלע אַכט טאָג בריווו“, קח. „ס'איז ניט גלײַך
צו אַ, פֿון אָבֿ ואם צו בנים ובֿנות צו דער אַ,
פֿון אַחים ואַחיות“, לדב. 3. גײַסטיקע ליבשאַפֿט
צו גאָט [אויפֿן סמך פֿון דבֿרים, י, 12; יא, 1. אַ
ווײַטער אַנטוויקלט אין תל, למשל: ספֿרי,
דבֿרים ל“ז, מיטן פּרינציפּ אַז גאָט דאַרף מען
דינען פֿון ריינער ליבשאַפֿט, אַ', און ניט
מחמת יראה. די קבלה האָט געשאַפֿן אַ גאַנצע
שיטה ווי צו דערגרייכן צו דער הויכער מדרגה
פֿון ריינער אַ,; אין פֿינפֿטן הימל איז פֿאַראַן אַ
אַ באַזונדערער היכל אַ', וואָס נאָר די
לויטערסטע, ריינסטע תּפֿילות גרייכן צו אים —
זהר, בראשית, מד.] „...וואָס דאָס זײַנען יראה
און אַ, וואָס איז אין דעם מוח און האַרץ פֿון
יעדן איינציקן לויט זײַן מאָס“... „אַ, איז דער
שורש פֿון אַלע צוויי הונדערט אַכט און פֿער -
ציק מצוות עשׂה“, תּניא. „רבונו־של־עולם!

דו זעסט דאָך מײַן האַרץ — איז דין דיך
מיט יראה און אַ,“, פּרוג I. „זײַן יראה, זײַן
אַ, און זײַן פּרומקייט זענען נאָר...אַן
אָנשטעל„, ממוס, אין אַ שטורעמצײַט. 4.
ליבשאַפֿט פֿון גאָט צום פֿאָלק ישׂראל [אויפֿן סמך
פֿון דבֿרים, ח, 9 אאַ. ← אַהבֿת־עולם]. 5. די
תּפֿילה 'אַהבֿה רבּה, אָדער אַהבֿת עולם, פֿאַר
,

-

אָ
תּפֿילה. 6. נאָמען פֿון אַ פֿאַראיין פֿאַר
קריאת־שמע אין שחרית; פּיוטים אויף דער

ייִדישע קינדער־ און יוגנט־היימען אין בערלין
אין דער צײַט פֿון נאַצישער הערשאַפֿט.
אַהבֿה בתענוגים — [אַהאַ'ווע בייטאַנו'גים]
פֿראַזע. < שיר השירים, ז, 7. 'ליבשאַפֿט אין
תּענוגים, [תּי: „...געליבטע, אין תּענוגים“].
(קבלה) די העכסטע מדרגה פֿון ליבשאַפֿט צו
גאָט. „...צו...דער מדרגה פֿון אַהבֿה אַ
שטאַרקע ווי פֿײַערדיקע קוילן, און דאָס איז

וואָס ווערט אָנגערופֿן אַ, בּ', צו האָבּן
פֿאַרגעניגן פֿון געטלעכקייט״, תּניא.
אַהבֿה גדולה — [אַהאַ'ווע גדוילע] פֿראַזע.
< תּנחומא, קדושים, יבּ: 'אַ, ג, היתה בּין
הקבּ״ה לישׂראל'. 1. גרויסע ליבּשאַפֿט בּכלל.
2. די ליבּשאַפֿט פֿון גאָט צו זײַן פֿאָלק אַ
ישׂראל.
אַהבֿה דוהקת את הבּשׂר — [אַהאַ'ווע
דויכע'קעס עס האַבּאָסער] לק. שוו. < בּבֿא
מציעא, פּד/א. ליבּשאַפֿט ציט אײַן דאָס לײַבּ
(דה פֿאַר די וואָס האָבּן זיך ליבּ איז ניט
שייך ענגשאַפֿט). שפּאַסיק אויך וועגן אַ
פֿאָרפֿאָלק וואָס זעט אויס ניט גוט.
אַהבֿהדיק — [אַהאַ'וועדיק] אַדי. וואָס האָט
אין זיך (איז דורכגענומען מיט) אַהבֿה. „איז
בּײַם פֿאָלק געווען אַזאַ אַ'ע בּאַציאונג צום
רבּין אַז...״, קופּערמאַן, טמז, 1953 I 17. אַ
אַהבֿה התּלויה בּדבֿר —. [אַהאַ'ווע (אַ'האַווע)
האַטלו'יע בּיידאָווער] פֿראַזע. < אָבֿות, ה, טז.
'ליבּשאַפֿט וואָס הענגט אָפּ פֿון אַ זאַך'.
ליבּשאַפֿט וואָס איז פֿאַרבּונדן מיט תּאווה אָדער
מיט אַ מאַטעריעלן מאָטיוו, מיט אַן
אויסרעכענונג; אומריינע, אומעכטע ליבּשאַפֿט.
[די משנה אילוסטרירט עס: „דאָס איז די

ליבשאַפֿט פֿון אַמנון און תּמר“, זען שמואל
ב,.ג]. „אין דער לעצטער רעוואָלוציע האָבן
די פּאָליאַקן געהאַלטן פֿון ייִדן עולם ומלו□ו,
האָבן זיך מיט זיי געקושט און געהאַלדזט...
עס איז געווען אַן אַ, ה, ב'“, ייִפֿאָל, 1882,
.No 48
הבֿה ואַהו(ו)ה — [אַהאַ'ווע ווייאַ'כווע]
פֿראַזע. < ברכות, יבֿ/א. 'ליבשאַפֿט און
ברידערלעכקייט'. אויפֿריכטיקע פֿרײַנדשאַפֿט,
שטאַרקע נשמהדיקע צוגעבונדנקייט. „די גרויסע
אַ, ואַ, וואָס האָט געהערשט בײַ... חסידים...
צו דעם ציידנס הויז בכלל“, לדב.

-

הכה והיבּה — [אַהאַ'ווע ווייכי'בע] פֿראַזע.
פֿאַרבינדונג פֿון תּנ אַהבֿה און משנה־וואָרט
חיבּה. ליבשאַפֿט און גײַסטיקע
צוגעבונדנקייט. “דאָס אַלץ האָט געוואָרפֿן אַ דרך־ארצדיקן
מורא־ופּחד, מיט אַ פּנימיותדיקער אַ, וחי'□,
לדב.
הבֿה ויראה — [אַ'האַ'ווע ווײַ ייִר־ע] פֿראַזע.

-

ליבשאַפֿט און פֿאָרכט'. ליבשאַפֿט צו גאָט און גאָטספֿאָרכטיקייט. ← אַהבֿה בֿ3. ביידע אופֿנים פֿון מענטשנס באַציאונג צו גאָט; ביידע דרכים אין דינען גאָט. „דער המון...עס מיינט אַז דער מענטש וואָס טוט אַלצדינג אַזוי ווי עס שטייט אין שולחן־ערוך — דאָס הייסט שוין אַ, ו'; ניין, מע מוז זיך געוואוינען ליב צו האָבן דעם באַשעפֿער“, נוצ II.

הבֿה מסותרת — [אַהאַ'ווע מעסוטע'רעס] פֿראַזע. < משלי, כז, 5. 'פֿאַרבאָרגענע ליבשאפֿט'. 1. ליבשאַפֿט וואָס ווײַזט זיך ניט

-

אַרויס אין צערטלעכקייט. אַ, מ, צו קינדער וואָס מע שטראָפֿט. „אין דער תּוכחת מגולה און די שטרענגע הדרכה־ווערטער פֿון די עלטערע חסידים האָט בולט געווען די אַ, מ'“, לדבֿ. 2. (קבלה) ליבשאַפֿט צו גאָט וואָס איז דאָ אין נפֿש אויך פֿון אַ זינדיקן ייִד. „אָט די ליבשאַפֿט אין ג־טלעכן נפֿש, וואָס איר ווילן און שטרעבן איז זיך צו באַהעפֿטן אין ג־ט...ווערט אָנגערופֿן מיטן נאָמען אַ, מ', וואָרעם זי איז באַהאַלטן און צוגעדעקט מיט אַ זאַק־קלייד פֿון דער קליפּה בײַ די

פושעי־ישׂראל“, תּניא.

הבֿה מקלקלת השורה — [אַהאַ'ווע מעקאַלקע'לעס האַשו'רע] אַפּאָריזם, שוו. < רשי, בּראשית, כבֿ, 3 [אויפֿן סמך פֿון בּראשית רבּה, נה, יא; סנהדרין, קה/בּ — דאָרטן 'מבֿטלת את...']. 'ליבֿשאַפֿט פֿירט איבֿער דעם (ריכטיקן) שטייגער'. ווערט געניצט אין זינען: ווען מע האָט עמעצן ליבֿ קען מען אים ניט משפּטן אָבּיעקטיוו; ליבֿשאַפֿט פֿאַרזעט אַן עוולה, פֿאַרקוקט אַ פֿעלער. פֿרגל: „ליבֿע איז בּלינד“, שוו. [דאָס אייגענע וועגן שׂנאה].

הבֿה עליונה — [אַהאַ'ווע עליוי'נע] פֿראַזע. 'הויכע (העכסטע) ליבֿשאַפֿט'. ליבֿשאַפֿט, וואָס זי פֿליסט אַרויס פֿון דער געטלעכקייט, וואָס איז אַן אייגנשאַפֿט פֿון גאָט. „אויף די וואָס זײַנען זיך מוסר נפֿש בּאַהבֿה...זאָגן [די ממונים אין היכל אַהבֿה] עדות, און די לײַט גייען נאָך העכער אַרויף געקרוינט ווערן אין דער אַ, ע, ממידת הקבּ“ה אַליין“, נוצ II.

אַהבֿה־רבּה־שטייגער

אַהבֿה עצמית — [אַהאַ'ווע אַ'צמיס] פֿראַזע,

צבֿ. 1. אייגנליבע, זיך־ליבע. „אָן אַ, ע, וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט, נאָר אַ, ע, קען די וועלט קיין קיום ניט האָבן“. 2. פֿעסטע, קערנדיקע, ממשותדיקע ליבשאַפֿט. „יחידות איז ניט נאָר די פֿאַראייניקונג פֿון חסיד ורבי. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער אַ, ע, פֿון רבין צום חסיד“, לדבֿ.

-

אַהבה פּנימית — [אַהאַ'ווע פּני'מיס] פֿראַrע, צבֿ. אינעווייניקסטע, האַרציקע, טיפֿע ליבשאַפֿט. „...די גרויסע אַ, פּ, צום זיידנס הויז בכלל„, לדבֿ.

-

אָהבֿה רבֿה — [אַהאַ'ווע ראַ'בע; ־'וואָ ־,באָ] פֿראַזע. ,גרויס(ע) ליבשאַפֿט,. 1. ערשטע ווערטער און נאָמען פֿון דער תּפֿילה אין שחרית פֿאַר קריאת־שמע (“שמע ישׂראל...“) [די תּפֿילה זאָל נאָך שטאַמען פֿון די אַנשי כּנסת הגדולה. לויט נוסח אַשכּנז איז אַ, ר', לויט נוסח ספֿרד — אַהבֿת־עולם ←. זען ברכות, יא/בּ]. „...די ברכות וואָס זײַנען פֿאַר

קריאת־שמע, דאָס איז יוצר אור און אַ, ר'"‏,
חה, ב. „און עס איז פֿאַראַן פֿיל מענטשן
וואָס זיי זאָגן פסוקי דזמרה מיט גרויס רעש
און מיט התלהבֿות, בפֿרט די ברכות פֿון יוצר
אור און אַ, ר'"‏, נוצ I פֿאַר לויטער אַ, ר,
„.
קומט ער ניט צו שמע־ישׂראל"‏, פֿוּל = וועגן
עמעצן וואָס רעדט אַ סך וועגן טאָן טובֿות
אָדער וועגן זײַן גוטסקייט, אָבער העלפֿן
ה□לפֿט ער ניט. „איבער אַ, ר, קומט ער צו
שמע־ישׂראל"‏, פֿוּל = איבער ליבשאַפֿט צו
זײַן ווײַב (זײַן יונג ווײַב□) קומט ער שפּעט
צום דאַוונען. אַ, ר, ־ פּ ר י ש ט ש ע ס (
פּרישטשיקלעך) = וואָס באַווײַזן זיך אויפֿן פּנים
בײַ סעקסועלער צײַטיקונג. 2. (אין שיטה
פֿון חב"ד) אַ הויכע מדרגה פֿון ליבשאַפֿט
וואָס איז דאָך נידעריקער ווי די ליבשאַפֿט
וואָס הייסט אַהבֿת־עולם. „אַ, ר, איז אַ
ליבשאַפֿט פֿון פֿאַרגעניגנס און דאָס איז אַ
פֿלאַםפֿײַער...אין אַ בחינה פֿון אַ מתּנה צו דעם
וואָס איז גאַנץ אין יראה...אַהבֿת־עולם איז
אַזאַ וואָס קומט פֿון דעם פֿאַרשטאַנד און פֿון
דעם וויסן אין די גרויסקייט פֿון ג־ט אין־סוף"‏,

תּניא. 3. איר□ ליבשאַפֿט. ,,מײַן װײַב האָט...
ניט אַזוי שטאַרק אָנגעקװעלט פֿון מײַן אַ, ר',
אויך פֿון □ײַן פֿיל עסן איז זי ניט זאַט
געװאָרן,,, אבֿג, דער גלגול, װאַרשע תּרנ"ו.
אַהבֿה־רבּה־שטײגער — דער. מצ נבֿ.
(חזנישער טערמין) אופֿן פֿון פֿירבֿרענגען די
תּפֿילה אַהבֿה רבּה שבּת און יום־טובֿ צו
שחרית. פֿריגישער טאָן אין מוזיק (צװישן
מאַזשאָר און מינאָר) אָנגענומען אין חזנישער
נגינה און באַליבט בײַם עולם; קרובֿיש צום
װאָלעכישן זאָגעכץ אָדער קנײטש. אויך:
אַהבֿה־רבּה־גוסט. [אין דעם אַ־ר'־ש,
זײַנען אויך געשאַפֿן געװאָרן ייִדישע פֿאָלקסלידער
(די באַקאַנטסטע: ר, לוי־יצחק באַרדיטשעװערס
"דודעלע,,) און חסידישע ניגונים]. ,,מײַן
גרעסטע קונץ איז באַשטאַנען אין אַ־ר'־ש'. איז האָבֿ
זיך זײער גוט געקענט פּעסטען", אבֿג, דער
גלגול.

אַהבֿה שאינה תּלויה בּדבֿר

אַהבֿה שאינה תלויה בּדבֿר — [אַהאַ'װע
(אַ'האַװע) שעײנאָ טלו'יע בײדאָװער] פּראַזע.
< אָבֿות, ה, טז. 'ליבשאַפֿט װאָס הענגט ניט

אָפּ פֿון אַ זאַך,. ליבּשאַפֿט וואָס איז ניט
אָפּהענגיק פֿון האָבּן עפּעס אַ נוצן; ליבּשאַפֿט
צווישן פֿרײַנד ▯וי משנה אילוסטרירט עס:
„דאָס איז די ליבּשאַפֿט פֿון דוד און יונתן“,
זען שמואל א, יח]. פּרגל אַהבֿה התּלויה
בּדבֿר.

אַהבֿה שהיא תלויה בּדבֿר — [אַהאַ'ווע (אַ'האַווע) שעהי, טלו'יע בּיידאָווער] פֿראַזע. דזוו אַהבֿה התּלויה בּדבֿר ←.

אַהבֿה של מטה — [אַהאַ'ווע שעל מאַ'טאָ] פֿראַזע. (קבּלה) ליבּשאַפֿט פֿון דעם אונטערשטן, דעם מענטשן, צו גאָט. “און אַז עס דערוועקט זיך דאָס ליבּשאַפֿט מלמטה למעלה ומלמעל▯ה למטה, ווערט דאָס היכל [אַהבֿה] דערפֿילט פֿון כּמה טובֿות און כּמה חסדים און כּמה רחמים; בּאַהעפֿט זיך די אַ, ש, מ, מיט דער אַהבֿה של מעלה אין איין דבֿקות“, נוצ II.

אַהבֿה של מעלה — [אַהאַ'ווע שעל מײַ'לע] פֿראַזע. דזוו אַהבֿה עליונה ←. ← דפֿוו.

אָהבֿתּי את אַד(ו)ני — [אָהאַ'ווטי עס אַדוי'ני] < שמות, כא, 5. ,איך האָבּ ליבּ מײַן האַר'. [ציטירטע רייד פֿון אַ ייִדישן קנעכט וואָס וויל אויפֿן זיבּעטן יאָר ניט אַרויס פֿרײַ].

ווערט געניצט מיט ביטול צו באַצייכענען
קנעכטישקייט, גרויס אונטערטעניקייט.
אָהבֿתּי את אשתי — [אָהאַ'ווטי עס אי'שטי]
← דפֿוו. ,איך האָב ליב מײַן ווײַב, [דער
פּסוק: ,אָהבֿתּי את אדני, את אשתּי ואת
בּני...']. ווערט געניצט הן ערנסט הן איר.
,,... און ער זאָגט: אָ, א, א, און וויל זיך
מיט איר נישט גטן", פּרץ, געדאַנקען און
אידייען.
אַהבֿת אַהים — [אַ'האַ'וואַס אַ'כים] פֿראַזע,
צבֿ. ברידערלעכע, חבֿרשע ליבשאַפֿט.
פּאָפּולערער נאָמען פֿאַר חבֿרות פֿון קעגנזײַטיקער
הילף און לאַנדסמאַנשאַפֿטן.
אַהבֿת אַמנון ותמר — [אַ'האַ'וואַס אַמנען
ווייטאָ'מער] פֿראַזע. < אָבֿות, ה, טז. ←
אַהבֿה התּלויה בּדבֿר [אַמנון, דודס זון, האָט
זיך פֿאַרליבט אין זײַן האַלבּ־שוועסטער תּמר,
זי פֿאַרנאַרט צו זיך, פֿאַרגוואַלדיקט און
דערנאָך זי פֿײַנט געקריגן]. ליבשאַפֿט,
דורכגענומען מיט תּאווה, וואָס איז בלויז סעקסועל.
,,אַהבֿה האָט מדרגות, די נידעריקסטע איז
אַ אַ, ות'", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
,

-

אַהבת בצע — [אַהאַ'וואַס בעצאַ] פֿראַזע, צב. געלטגײַציקייט; אייגנשאַפֿט פֿון אַן אוהבֿ בצע ←. „די דאָזיקע מידות: זעלבסטליבע, אַ, ב, און אייטלקייט לערנט זיך דאָס אויך אָפּ פֿון זײַנע דערציִער“, הערשנהאָרן, קמ, 27 1870, No.

אַהבֿת גוף; — [אַהאַ'וואַס גוף] פֿראַז􏰀ן, צב. קערפּערלעכע ליבשאַפֿט, להיפּך צו אַהבֿת נפֿש (←), גײַסטיקער, ליבשאַפֿט. „אים איז די יונגע פֿרוי געוואָרן אַלץ מער ליב און טײַער, און נישט נאָר איז עס געווען אַ, ג', נאָר

אפֿשר נאָך מער אַהבֿת נפֿש“, לאַסאַווין, אָמעריקאַנער, 1959 II 􏰀ו 24.

-

אָהבת גרים — [אַהאַ'וואַס גיירים] פֿראַזע, צב. אויפֿן סמך פֿון 'ואַהבֿתּם את הגר', שמות, י, 19. די מצווה ליב צו האָבן אָדער די

ליבשאַפֿט צו אַ פֿרעמדן, אַ גר.

אַהבֿת ד, (ה') — [אַהאַ'וואַס האַשע'ם]. דזוו אַהבֿת השם ←. געניצט בלויז בײַם שרייַבן אָדער דרוקן, ווען ה, פֿאַרבײַט גאָטס נאָמען, השם, און דערנאָך — בײַ גאָר אָפּגעהיטע(נע) — פֿאַרבײַט ד, די ה, (דערעיקר בײַם שרייַבן). „... איבערקערן [די ליבשאַפֿט] פֿון פֿאַרגעניגנס פֿון עולם־הזה צו אַ, ה', אַזוי ווי ס'שטייט: 'בכל לבבך'", תּניא.

-

אַהבת הבורא — [אַ'האַ'וואַס האַבוי'רע] פֿראַזע. ליבשאַפֿט צום באַשעפֿער. ← אַהבֿת השם.

אַהבֿת הבריות — [אַ'האַ'וואַס האַבריִ'עס] פֿראַזע. ליבשאַפֿט צו אַלע באַשעפֿענישן, געוויינטלעך ליבשאַפֿט צו (אַלע) מענטשן. געניצט אָפֿט ווי אַ דערגאַנצונג צו אַהבֿת המקום ← און זעלטענער ווי אַ קעגנזאַץ. „מיר רעדן וועגן אַ, ה, און אין תּוך הייבן מיר נישט אָן צו וויסן ווי אַזוי מע נעמט זיך דערצו", רעסלער, טמז, 13 IX 1958.

-

אַהבֿת הכבֿוד — [אַ'האַ'וואַס האַקאָוועד]
פֿראַזע, צבֿ. ליבשאַפֿט צו (קריגן) כּבֿוד;
אייגנשאַפֿט פֿון יאָגן זיו נאָך כּבֿוד. „זײַן
אַ, ה, שטויסט אונדז אָפּ פֿון אים“.
אַהבֿת הלבֿ — [אַ'האַ'וואַס האַלע'וו] פֿראַזע,
צבֿ. אויפֿן סמך: ,ואהבֿת...בּכל לבֿבֿך',
דבֿרים, ו, 5. ליבשאַפֿט פֿון האַרץ, מיטן גאַנצן
האַרץ; עכטע, טיפֿע ליבשאַפֿט. „ווער עס
בּענטשט דעם חבֿר, וויל הקבּ“ה, ער זאָל
אים בּענטשן...בּלבֿ טובֿ. אַ, ה, איז שוין

▯

אַ כּל־שכּן“, נוץ II.
אַהבֿת המקום — [אַ'האַ'וואַס האַמאָקעם]
פֿראַזע. ליבשאַפֿט צו גאָט ['המקום, איז אין
תּל (אָבֿות, בּ, יג און אַ סך אַנדערע שטעלן)
אַ סינאָנים צו גאָט: מקום, אָרט, איז אַן
אַטריבּוט פֿון גאָט, גאָט איז 'מקומו של
עולם', גאָט איז אומעטום]. „ליבשאַפֿטן זענען
פֿאַראַן אַ סך:...אַ, ה'...אויך ליבשאַפֿט
צו כּל ישׂראל“, פּרץ, 'גלגול פֿון אַ ניגון'.
אַהבֿת השם — [אַ'האַ'וואַס האַשע'ם] פֿראַזע.
שם = נאָמען; משמעות פֿריִער אַנשטאָט
גאָטס נאָמען — ש ם ש מ י ם (ווי אין
אָבֿות, בּ, בּ; ד, ד אאַ), דערנאָך ש ם אַליין.

פַּרגל מיט די אויסדרוקן: קידוש־השם, חילולהשם (תּל) און שפּעטערדיקן בּרוך־השם.

1. ליבּשאַפֿט צו גאָט; די מצווה ליבּ צו האָבּן גאָט. ← אַהבָה בּ3. [אַ, ה, איז אַ מצוות־עשׂה פֿון דער תּורה: 'ואָהבָת את ה, אלהיך', דבָרים, ו, 5.] ,,יעדער חסידיש הויז איז פֿול אָנגעזאַפּט מיט מידות טובֿות. אַ, ה', אַהבַת התּורה

.

ואַהבַת ישׂראל'', לדבּ. 2. ליבּשאַפֿט פֿון גאָט צום פֿאָלק ישׂראל. ← אַהבָה בּ4. (זען אויך דבָרים, ז, 7: ,,כּי מאַהבַת ה, אתכם...''; הושע, ג, 1: ,,כּאַהבַת ה, את בּניישׂראל...''). ,,הלוואַי וואָלט אַזוי גרויס געווען

אַהבַת ישׂראל

די אַהבָה צו אַ צדיק, ווי גרויס עס איז אַ, ה, ־ אַ רשע'', חסידישער זאָג.

צו

אַהבּת התּורה — [אַ'האַ'וואַס האַטוי'רע] פֿראַזע, צבּ. 1. ליבּשאַפֿט צו דער תּורה, צו לערנען תּורה אַליין, צו לערנען תּורה לשמה. ,,נו, וועלן מיר אָנהייבּן צו רעדן פֿון

אַ, ה, — דאָס איז ער זאָל זיך מכוון זײַן
אין זײַן לערנען פֿון גאָטס וועגן מיט זײַן
שכינה, און ניט פֿון זײַן הילפֿונג וועגן, מע
זאָל אים האַלטן פֿאַר אַ ת„ח“, קה. „פֿון דעם
אַלץ הערט זיך אָן בּרוך־השם דער אַ, ה, וואָס
אין ליטע“, לדבֿ. 2. ליבֿשאַפֿט,
איבערגעגעבנקייט אין העלפֿן פֿאַרשפּרייטן תּורה, אין
שטיצן לומדים, ישיבֿה־לײַט. „ער אַליין איז
אַן עם־האַרץ נעבעך, אָבער זײַן אַ, ה, איז
אין לשער: ער האַלט אויס אַ מנין
ישיבֿהבּחורים“.

□

אַהבֿת היים — [אַ'האַ'וואַס כאַ'ייִם] פֿראַזע,
צבֿ. ליבֿשאַפֿט צום לעבן; לעבנס־פֿריידיקייט.
„אַ, ח, איז אַ סגולה צו אַריכת־ימים“, פֿוול.

□

אַהבֿת הינם —. [אַ'האַ'וואַס כי'נאָם] פֿראַזע.
[ווי אַן אַנטאָנים צו שׂנאת חינם, תּל].
1. ליבֿשאַפֿט וואָס קומט אָן אַ סיבּה. „פּטור
ווערן פֿון שׂנאת חינם קען מען נאָר מיט
אַ, ח',„ ווערטל פֿון הרבֿ קוק. „צו אַ, ח,
האָט נאָך קיינער ניט צוגעלייגט“, פֿוול.

2. ליבע וואָס מע קריגט אָן געלט. „טאָ שאַפּט אונדזער העלד אין האָטעל אַ האַרעם... בּרונעטקעס, בּלאָנדינקעס פֿון אַלערליי מינים — און אַלץ אַ, ח,! און אַלץ אַ, ח'!“, אַל II.

אַהבת הסד — [אַ'האַוואַס כע'סעד] פֿראַזע.
< מיכה, ו, 8 [”ליבּ האָבּן גענאָד“, תּי]. ליבּ.. שאַפֿט צו חסד, דערבּאַרעמדיקייט. „בּײַ ייִדן פֿליסט נישט אַרויס חסד פֿון מענטשלעכקייט, נאָר פֿון געטלעכקייט. השי“ת האָט אין אונדז אַרײַנגעגעבּן אַ, ח, דורך אור פּניך, כּבֿיכול„,
הלל זײַדמאַן, טמז, 8 ▯ 1960 II.
אַהבֿת ישׂראל — [אַ'האַ'וואַס ייִסראָעל]
פֿראַזע, צבֿ. 1. ליבּשאַפֿט פֿון ייִדן צום ייִדישן פֿאָלק, צו אַלע ייִדן [דריקט זיך אויס אין שטענדיקער גרייטקייט צו העלפֿן ייִדן, צו זוכן און געפֿינען אַ זכות אויף ייִדן. בּינדט זיך מיט דער מצווה ליבּ צו האָבּן איינער דעם צווייטן: „ואַהבֿת לרעך כּמוך“, ויקראָ, יט, 18 און מיט ר, עקיבֿאס זאָג: ”דאָס איז אָ גרויסער כּלל אין דער תּורה“. דער רמבּ“ם פּסקנט אַז אַ, י, איז אַ מצוותעשׂה פֿון דער תּורה. פֿרומע ייִדן פֿלעגן פֿאַרן דאַוונען מקבּל זײַן אויף זיך ליבּ צו האָבּן

ייִדן ווי זיך אַליין: 'הריני מקבל עלי מצות עשׂה של ואהבֿת לרעך כמוך', כּוונת האַר״י.] „דער אַ'־י'־פּונק בײַ יעדן ייִדן דאַרף זיך דערוועקן...“, לדבֿ. 2. מידה ליבֿ צו האָבן ייִדן אויך מיט זייערע חסרונות; דאָס אײַנשטעלן זיך פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק און אויסטענהן זיך מיטן רבונו־של־עולם, סאַראַ טײַער פֿאָלק ייִדן זײַנען. [שפּיגלט זיך אָפּ באַזונדער בולט אין חסידישע ספֿרים און פֿאָלקלאָר, אין מעשׂיות וועגן ר, לוי־יצחק באַרדיטשעווער, ר, משהלייבֿ סאָסעווער, ר, אַבֿרהם יהושע־העשל אַפּטער אאַ]. 3. ליבשאַפֿט פֿון אַ ניט־ייִד צום

אַהבֿת־ישׂראלדיק

ייִדישו פֿאָלק, צו ייִדן. אַ, י, פֿון די חסידי אומות־העולם. „צוליבֿ אַהבֿת בנות־ישׂראל איז ער געקומען צו אַ, י“ — וועגן אַ ניט־ייִד וואָס האָט זיך מגייר געווען צוליבֿ ליבע צו אַ ייִדישער טאָכטער.

אַהבֿת־ישׂראלדיק — אַדי. וואָס האָט אין זיך, איז דורכגעדרונגען מיט אַהבֿת ישׂראל. „די הדרת־קודשדיקע תּפֿילה ענדיקט זיך מיט אַן אַ,־י'ן גוט־יום־טובֿ“, לדבֿ. „דאָס

אָרגאַנישיִידישע אין אים, דאָס אַ,־י'ע", צײַט, טמז,
2 II 1953.
אַהבֿת־ישׂראלניק — דער, ־עס. ווג ־ניצע,
־ס. ווער עס פֿאַרמאָגט, איז דורכגעדרונגען
מיט אַהבֿת ישׂראל; ווער עס איז אַ
פּרינציפּיעלער אָנהענגער פֿון דער שיטה צו זוכן די
גוטע שטריכן פֿון ייִדן. "גאָרקי דער אַ,־י'..."
ייִט.

-

אַהבת ממון — [אַ'האַ'וואַס מאָמען] פֿראַזע,
צבֿ. ליבשאַפֿט צו געלט; געלסגײַציקייט,
געלטגעריקייט. „תּורה און אַ, מ, זײַנען קנאַפּע
מחותּנים", ייִט, טמז, 14 י I 1958. ← אַהבֿת
.
בּצ
אַהבת מרדכי — [אַ'האַ'וואַס מאָרדכע] פֿראַזע.
מגילה, טז/א: „לא מפּני שאָהבֿו את מרדכי,
אלא מפּני ששׂנאו את המן". 'ליבשאַפֿט צו
מרדכין', געניצט ווי אַ טייל פֿון: *ניט אַזוי
פֿון אַהבֿת מרדכי ווי פֿון שׂנאת המן =
נישט אַזוי פֿון פּאָזיטיוון צוגאַנג פֿון געפֿיל פֿון

ליבּשאַפֿט (צוגעהעריקייט) אָדער טיפֿער איבּערגעצײַגטקייט, נאָר פֿון אַ נעגאַטיוון צוגאַנג, פֿון אַ ווידערווילן אָדער פֿײַנדשאַפֿט צום קעגנער, קאָנקורענט אָדער אַקעגנדיקער שיטה (ריכטונג, פּאַרטיי) פֿון דעם ערשטן. שטימען פֿאַר עמעצן ניט פֿון אַ, מ,.

אַהבֿת נעורים — [אַ'האַ'וואַס נעאו'רים] פּראַזע. < ירמיה, בֿ, 2: ,,חסד נעוריך, אַהבֿת כלולותיך" און איבּערשטעל, צבֿ. ליבּשאַפֿט פֿון די יונגע יאָרן; ערשטע, טיפֿע פֿאַרליבּטקייט פֿון אַ, נ, היילט מען זיך ניט אויס

— און מע דאַרף זיך ניט אויסהיילן".

אַהבֿת נפֿש — [אַ'האַ'וואַס נעפֿעש] פּראַזע. < שמואל א, כ, 17 און שינוי אין פֿאָרעם; שיר השירים, א, 7. 'ליבּשאַפֿט פֿון דער זעל,, טיפֿע, האַרציקע ליבּשאַפֿט; ליבּשאַפֿט ביז דער גרייטקייט זיך מוסר נפֿש צו זײַן. ,,...זאָגט די כּנסת־ישׂראל צו הקבּ"ה: ,הגידה לי שאָהבֿה נפֿשי', דו ביסט מײַן אַ, נ', דאָס אַלע מײַנע

אַהבָֿה איז צו דיר“, נוצ I. „ער האָט זי
טאַקע פּשוט ליבֿ אַ, נ, און איז גאָטאָוו מיט
איר חתונה צו האָבֿן“, ייִל, פּוילישע ייִנגל,
1895. „קינדער, אַפֿילו ייִדישע, אין
קאַפּאָטקעלעך, האָט זי ליבֿ אַ, נ',„ פּרץ, זכרונות.

אַהבֿת־נפֿשדיק — אַדי. וואָס האָט אין
זיך, איז דורכגעדרונגען מיט אַהבֿת נפֿש.
אַ,־נ, ליבֿ (האָלט) האָבֿן.

▯

אַהבֿת נשים — [אַ'האַ'וואַס נאָשים] פֿראַזע.
< שמואל בֿ, א. 26. ליבֿשאַפֿס צו פֿרויען;
שוואַכקייט צו פֿרויען, דאָס יאָגן זיך נאָך
פֿרויען. צעפּטרן אַ פֿאַרמעגן (אַ לעבֿן) אויף
אַ, נ'. „וואָס אַ יאָר ווײַטער האָט ער מער

ליבֿער באַקומען צום טרונק און דאַבֿײַ צו
נאָך וואָס שענדלעכערס, דאָס הייסט צו אַ, נ'“,
אמך, דיא שטיפֿמוטעך.

אַהבֿת עדלם — [אַ'האַ'וואַס אוי'לאָם (אוי'לעם)]
פֿראַזע. < ירמיה, לא, 2. 1. אייבֿיקע

ליבשאַפֿט, ספּעצ די אייביקע ליבשאַפֿט פֿון גאָט צו זײַן אויסדערוויילט פֿאָלק ישׂראל. 2. (אין שיטה פֿון חבֿ״ד) די העכסטע מדרגה פֿון ליבשאַפֿט צו גאָט וואָס קומט פֿון אינטעלעקט. ← אַהבֿה רבּה בּ2. 3. ערשטע ווערטער און נאָמען פֿון דער תּפֿילה וואָס הייסט אויך אַהבֿה רבּה בּ1, לויט נוסח ספֿרד. 4. צווייטע בּרכה פֿאַר קריאת־שמע פֿון מעריבֿ. ← בּרכות, ב.

יא

אַהבֿת עצמו — [אַ'האַ'וואַס אַצמוי] פֿראַזע, צבֿ. אייגנליבע, עגאָאיזם. „זעלבסטליבע (אַ, ע,) לערנט זיך דאָס קינד אויך אָפּ פֿון זײַנע דערציִער“, הערשנהאָרן, קמ, 27 1870, No.

אַהבֿת ציון — [אַ'האַ'וואַס ציִיען] פֿראַזע. 1. ליבשאַפֿט צו ציון, צו ארץ־ישׂראל. „אַ, צ, איז דער עמאָציאָנעלער יסוד פֿאַרן ציוניזם“. 2. נאָמען פֿון בּאַרימטן ראָמאַן פֿון אַבֿרהם מאַפּו (1808—1868), אַרויס אין 1853, יִדישע איבּז אין 1874; איז ראָמאַנטיש, סענטימענטאַל, משׂכּיליש. „אַ בּאַהאַלטענער משׂכּיל, האָט ער פֿאַרבּרענט...דעם „אַ, צ'“ און זיך גענומען תּהילים זאָגן“, פּרץ, 'בּשעת מגפֿה'. *לשון פֿון אַ, צ, = ריין־תּנכיש

לשוןקודש; שפּראַך פֿון ליבע. „שפּעטער האָבן זיי שוין גערעדט מיטן לשון פֿון אַ, צ"“, אר,
‚די לשון־קודשדיקע'.
-

אַהבת רעים — [אַ'האַ'וואַס רייאים] פּראַזע,
צבֿ. < ויקראָ, יט, 18: „ואָהבֿתּ לרעך...“ ליבשאַפֿט צווישן (צו) פֿרײַנד; אמתע חבֿרשאַפֿט. „... האָט ער דאָך ניט אָנגעוואָרן דעם שׂכר פֿון דער מצווה פֿון אַ, ר"“, תּניא.

▯

אַהבת תּורה — [אַ'האַ'וואַס טוירע] פּראַזע,
צבֿ. דזוו אַהבֿת התּורה ←.
אה"ו — ר"ת פֿון די דרײַ שכנותדיקע קהילות אַלטאָנע, האַמבורג, וואַנדזבעק, אין צפֿון־מזרח דײַטשלאַנד. [סוף 17. יה אַ פֿאַראייניקונג פֿון די דרײַ קהילות אין איין פֿאַרבאַנד מיט איין הויפּט־רבֿ און מיט איין בית־דין־שטובֿ. דער פֿאַרבאַנד האָט געוויינטלעך זיך גערופֿן אה„ו. די דרײַ קהילות זײַנען געווען פֿאַראייניקט פֿון 1670 ביז 1811. די חשובֿסטע איז געווען אַלטאָנע, און דאָרט האָט געוואוינט דער רבֿ].
חכמי אה„ו = די תּלמידי־חכמים פֿין אה„ו.
אַהו, — קירצונג פֿון אַהובֿי, ספּעצ אין בריוו.

אַהו, — אויסרופֿוואַרט. ווערט גענוצט: א) כּדי
עמעצער וואָס גייט אין אַ זײַט זאָל זיך
אומקערן און דערזען; בּ) כּד אַרויסצורופֿן אַן
׳
עכאָ, ווידערקול. „אַ, — איך בּין ווידער אין
וואַלד״, האָפֿ; ג) בּײַם שפּילן זיך מיט אַן
עופֿעלע.
אהובֿ את המלאכה —. [עהוי'וו עס
האַמלאָכע] לק זאַץ. < אָבֿות, א, י: „שמעיה אומר...״.
האָבּ ליבּ די מלאָכה, די אַרבּעט; האָבּ ליבּ
צו זײַן אַן אַרבּעטער [דער המשך: „און האָבּ
פֿײַנט הערשאַפֿט״, דה אויו צו זײַן אַ
הערשער איבּער אָנדערע]. פּאָפּולערער מאָטאָ אויף

אַהולאָם

שער־בּלעטער פֿון פּנקסים פֿון בּעל־מלאכהשע
חבֿרות.

אַהובֿה — [אַהו'ווע] די, ־בֿות. < דבֿרים, כא,
15, 16. בּאַליבּטע, געליבּטע. „אַן אַ'...
יפֿתּואר ויפֿת־מראה איז פֿאַרבּאָרגן...און די
לײַט ווייסן ניט אירע פֿאַרבּאָרגעניש, נײַערט

איר ליבהאָבער", נו״צ I.

-

אַהובֿה — ← דפֿוו פֿרויען־נאָמען אין א"י,

.

אויך אין חוץ־לארץ, פֿאַרן ייִדישן נאָמען — ליבע.

-

אַהוכי — [אַהו'ווי] דער, ־ס. (מײַן) ליבער. געוויינטלעך נאָר אין אַ ווענדונג, אין בריוו. „א, בני וויא איך דיא כתבֿי, האב זעלין פֿאָרט שיקן...; א, מחותני...וועלט אײַך געריין באריכת שרייבן", פּראָגב, 6. „דער אַ, דײַנער ענטפֿערט דיר גאָרניט, רופֿט זיך ניט אָפּ".

-

אַהובֿי־ידידי — [אַהוּווי־יעדי'די] דער, ־ס. מײַן ליבער, מײַן פֿרײַנד. געוויינטלעך נאָר אין אַ ווענדונג. קאָנווענציאָנעלער נוסח אָנצוהייבן אַ בריוו. *אַ'־י,־בריוול = נאָר פֿון גוטפֿרײַנדשאַפֿט וועגן, אָן אַ ספּעציעלן ענין.

אהובֿי־ידידי'דיק — אַדי פֿרײַנדלעך

פֿרײַנד— . ,

שאַפֿטלעך. „די צדדים אין אונדזער

קולטורקאַמף קענען ניט זײַן טאָלעראַנט און לאָיאָל
און אַ,־י, איינער קעגן אַנדערן“, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול.

-

אַהובֿים — [אַהױווים] די. אצ נבֿ. אַווע ▯ יI.
זייער גוטע פֿרײַנד. אַזעלכע אַ, אַז זיי צעשיידן
זיך גאָרניט.
אָהובֿ לבֿריות —. [אָ'הוּוו (אָהעוו) לאַבֿרי(י)עס]
פֿראַזע < אָבֿות, א, יבֿ: „אוהבֿ את הבֿריות“
און טראַנספֿאָרמירט. בּאַליבּט בּײַ מענטשן;
ווער עס געפֿינט חן אין אַלעמענס אויגן. אַ
מזג־טובֿ איז אָ, ל,.
אָהובֿ למעלה ונהמד למטה — [אָהױוו
לעמײַ'לע וויינע'כמעד ליימאַ'טע] פֿראַזע. <
קידושין, עא/א. בּאַליבּט אויבּן (בּײַ גאָט)
און טײַער אונטן (בּײַ מענטשן); ווער עס איז
אי צו גאָט אי צו לײַט; ווער עס האָט אַלע
מעלות.
אַהוטען זיך — אוטוו. ־טע זיך, זיך אַהוטעט.
אוקר. < אוק. קומען צו זיך, אָפּכאַפּן דעם
אָטעם. “לאָזט מיך אַ, זיך, וועל איך אײַך
אַלץ דערציילן“.
אהו“י — [עהעווי,] די פֿיר אותיות א, ה,

ו, י, וואָס שוין די ערשטע מדקדקים פֿון העברעאישער גראַמאַטיק האָבן זיי אויס טיילט אין אַ באַזונדערער גרופּע און איינגעשטעלט פֿאַר זיי ספּעציעלע כּללים. [שוין אין תּנ לך האָבן זיי געקאָנט זײַן ניט קיין באַצייכענונגען פֿאַר קאָנסאָנאַנטן ווי אַלע אַנדערע אותיות]. ← אותיות הגרון, אותיות השימוש, אמות הקריאה. „דר כּלל איז ווען איין אות פֿון אותיות אהוי אונטר דען שורש קומט דז היישן נחים„, חן הלשון, אמשט, תּקל״א.

אַהולאָם, אָהולאָם — אַדוו. < אוק, וור. אויך הולאָם. 1. דזוו אָגולנע ←. 2. אָן אדנטערשייד; כּסדר ווי עס גייט, ניט בראַקירנדיק. נעמען אָ„ ווי סע שטייט און ווי סע גייט.

אַהולנע

באַשולדיקן (פֿאַרמשפּטן) אָ', דעם שולדיקן און דעם אומשולדיקן צוגלײַך. *אָ, אויף דער קאַראָבקע! = פּלוצעם, פֿון אַלע זײַטן זיך אַ וואַרף טאָן, אָנפֿאַלן (בײַם ווערלן פֿאַרנעמען גוטן פּאָסטן, בײַם אַ לאָז טאָן זיך אויף אַ מציאה אע). *אָ, נאַ גאַרנ(י)עץ = (זיך לאָזן)

קויפֿן אַ גרויסע מציאה, ניט בראַקירנדיק, אין
אַ גרויסן סכום. *כּולם אַ, — פּאַראָדיע אויף
כּולם אַהובֿים.
אַהולנע, אָהולנע —. אַדוו. דזוו אָגולנע ←.
אַהוראַ־מאַזדאַ — דזוו אָרמוזד, הורמיז.
פּרינציפּ אָדער גאָט פֿון גוטס, פֿון ליכט;
איינער פֿון די צוויי געטער פֿון דער
אַלטפּערסישער רעליגיע מאַזדאַאיזם. [קעגן
צעשפּאַלטן דעם בורא־עולם און דעם האַר פֿון
דער וועלט אויף□ צוויי, אויף גוטס און
שלעכטס, רעדט שוין דער נבֿיא: „דער וואָס
פֿורעמט ליכט און באַשאַפֿט פֿינצטערניש,
מאַכט פֿריד און באַשאַפֿט בייז — איך ה,
מאַך דאָס אַלץ“, ישעיה, מה, 7]. „זי זעט
אַ שרעק־געשפּענסט...אין טעמפּל פֿאַר אַ־מ'ן
שטיין. זי יאָמערט בײַ די ליכט פֿאַר דער
נשמה זײַנער“, אַל, 'די ליכט□ בענטשערין'.
[וועגן קידוש־השם בײַם צינדן שבת־ליכט אין
דער צײַט פֿון גזירות מצד פֿאַנאַטישע
פֿײַערדינערס אין בבֿל, אין 3. יה. „מע דענקט אַז
דעם מנהג אויסצושטרעקן די הענט בײַם
ליכטבענטשן און צו פֿאַרשטעלן די ליכט האָבן
אונזערע מאַמעס געבראַכט נאָך פֿון יענע
פֿינצטערע גזירות פֿון בבֿל“, אַל, דאָרטן,

הערה.]

אַהורמין — דזוו אַרימאַן, אַכרימאַן. <
סנהדרין, לט/א. גאָט פֿון שלעכטס, פֿון
פֿינצטערניש. ← דפֿוו. „אַ, און הורמיז, די
נאַכט און דער מאָרגן, זיי זײַנען נאָר טיילן
פֿון גאַנצן באַשאַף“, אַל II, „בײַם זונאויפֿגאַנג“.

אַהו'ש — אויסרופֿוואָרט. < אוק. אַוועק!
אַרויס! קיש! בײַם אַוועקטרײַבן הינער, אויו
בײַם פֿאַרטרײַבן עמעצן, עפּעס וואָס רופֿט
אַרויס עקל (אָנגעשריי אויף אַ גאַסנפֿרוי אין
פּאָד). „האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דער יאַרמלקע
אויף זיי און אַ מאַך געטאָן אַ „!“, נאַד. אויו:
אַהוסיאַנאַ, אַהושאַנאַ, מג.

אהה״ע — [אַהאַכאַאַ'] די פֿיר אותיות הגרון
אה״ה — ר״ת פֿון: אחר החורבן.

←, די גאָרגל־קלאַנגען פֿון לק. „די אותיות
גיאן אויז פֿון פֿינף אורטן; אחהע אותיות
הגרון. זיא גיאן אויז דיא קעהל“, חן הלשון,
אמשט, תּק▯'א.

אַההע״ר — [אַהאַכאַאַ,▯] די פֿינף אותיות
וואָס קענען אין לק ניט האָבן אין זיך קיין
דגש, פּינטל. „די (אותיות) אההער זיינין ניט

מקבל דגש‘‘, חן הלשון, אמשט, תּקל‘‘א.
אַהי, — אויסרופֿוואָרט. < אוק. טפֿו! דריקט
אויס עקל, כּעס, בּאַגער עס זאָל ניט ווערן.
אָפּט אין קללות. אַ, צו מײַנע שׂונאים,
שׂונאימס קעפּ; אַ, צו דײַן קאָפּ, דײַן לײַב
און לעבן אאַ. אַ, פּובּליקע! (ווען מען איז
אין כּעס אויפֿן גאַנצן עולם). ,,איינער שרײַט
אַ, און דער אַנדערער שרײַט העטיאַ‘‘ פֿוול =
,
דאָס אייגענע קען מען אויסדריקן אויף

פֿאַר52

שיידענע אופֿנים. *אַ, נאַ טעבּע = טפֿו אויף
דיר.
אהיה אַשר אהיה — [ע'העיע אַשער
ע'העיע] < שמות, ג, 14. ,איך בּין ווער
איך בּין, [די פֿאָרעם 'אהיה, קען בּאַטײַטן אין
תּנ לך אַלע דרײַ צײַטן: עבֿר, הווה, עתיד].
מיט דעם נאָמען האָט גאָט זיך בּאַוויזן צ
משהן אין פֿײַער פֿון בּרענענדיקן סנה. גאָט
ווי דאָס אייבּיקע זײַן. [בּרכות, ט/א: גאָט
זאָגט צו משהן אַז פּונקט ווי ער וועט זײַן מיט

ייִדן בעת זייער קנעכטשאַפֿט אין מצרים (און וועט זיי אויסלייזן), אַזוי וועט ער אויך זײַן מיט ייִדן שפּעטער אין גלות. לויט סופֿרים, ד, א: איינער פֿון גאָטס זיבן הייליקע נעמען וואָס מע טאָר ניט אָפּמעקן. א, א, א, האָט באַקומען פֿאַרשיידענע פֿילאָסאָפֿישע און מיסטישע אויסטײַטשונגען]. „א, א, א'! אינעם שפּעטער, אין דער אייביקער צוקונפֿט, אין דער אייביקייט איז גאָט!“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „אַ זעאונג: אַ סנה, אַ געפֿלאַקער און א, א, א'...און ס'גייען מיט בלוט אָפּ די דרײַ“, הל, טרעבלינקע.

אָהייאָ — גנ. צפֿון־צענטראַלער שטאַט פֿון די ־

פֿאַראייניקטע שטאַטן. [וויכטיקסטע קהילות: קליוולאַנד, סינסינאַטי, קאָלומבוס, טאָלעדאָ, עקראָן. ייִדן זינט 1817. 1959 — אַן ערך 160,000 ייִדן].

אַהיים — אַדוו. Mhd: an. 1־heim. אין דער ריכטונג פֿון דער היים. צו דער היים, פֿון דער אייגענער שטוב. „אַז איינעם איז באַשערט אָ שלימזל, קומט עס צו אים אַ, (אין שטוב אַרײַן)„, שוו. „ס'איז צו האָפֿן זאָג איך, שווײַג און קוק, קומען

ווערט דאָס קינד אַהיים צוריק“, ממוס, יודל.

2. צום אָרט, שטאָט, לאַנד וואו מע וואוינט שטענדיק (וואו מען איז געבוירן געוואָרן, וואָס מע באַטראַכט פֿאַר אייגן).

„דז זעלביג מאָל איז זיין פלגש מיט אים גיוועזין בין איו ווידר איין היים גיצוגן“, שו“ת הב„ח הישנות, סימן ע. „ליב...לערנט ת“ל [= תּודה לאל] זער ערנשט אונ, וואול, קומט נאָר פֿון איינם שבת צום אנדרין אַן היים“, פּראָגב, 13. „אַ, געפֿלויגן ווערט — און דער אוצר אויסגעלערט“, פּרץ, לידער און פּאָעמע]ו.

3. קיין ארץ־ישׂראל. „קום, ישׂראליקל, אַ, אין דײַן שיינעם לאַנד אין דעם, קום שוין, קום שוין, קלער קיין סך, און ווער אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלײַך„„ אגפֿ. „אַמאָל פֿלעגט מען אויף די עלטערע יאָרן פֿאָרן אַ', איצט זאָגן זיי — מע דאַרף עס טאָן אין די יונגע יאָרן“.

אַהיים — קאָנווערב. דער אַדווערב אַהיים ווערט געניצט ווי אַ קאָנווערב אין פּד, אין טייל אוקר [ניטאָ אין ל□]. ווײַטער ווערן געגעבן אַ צאָל ווערבן מיט אָט דעם קאָנווערב. בײַ אַלע אַנדערע זוכן דעם שטאַם, למשל: אַהיימיאָגן ← יאָגן; אַהיימפּויזען ← פּויזען; אַהיימקריכן ← קריכן; אַהיימרופֿן ← רופֿן

אאַזון.

אַהיימאײַלן — אוטוו. אײַל אַהיים,

אַהיימגעאײַלט. גיך, אין אײַלעניש גיין (לויפֿן,

פֿאָרן) אַהיים. „דאַרום האבן די חכמים גיזאָגט,

אַהיימפּעקלען זיך

איטליכר בעל הבית זאָל באַלד אַ היים איילן

צו דער סעודה פֿון שבת„, לט1.

אַהיימברענגען — טרוו. ברענג אַהיים,

אַהיימגעברענגט, ~געבראַכט. ברענגען אַהיים

(אין דער ריכטונג צו דער היים). „די מוטער

פֿלעגט אים שיקן יאָקעלען אָ, פֿון חדר“,

ווײַט II, 'דער איבערגאַנג'. „ווער האָט מיך

אַהיימגעבראַכט?“, אָפּאַ, טענצערין.

אַהיימגאַנג — דער, ־גענג, ־ען. 1. אַקט

פֿון גיין אַהיים. וועג אַהיים. אַ פֿריילעכער אַ'.

2. (פֿיגוראַטיוו) שיבֿת ציון.

אַהיימגיי — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון גיין

אַהיים.

אַהיימגיין — אוטוו. גיי אַהיים, בין

אַהיימגעגאַנגען, ~געאָנען, ~געגאַן. 1. גיין אַהיים,

אין דער רכטונג צו דער היים. „די ייִנגלעך...

זײַנען פֿון חדר אַהיימגעגאַנגען און פֿריִער אַוועקגעלאָפֿן, כּדי זיי זאָלן ניט באַדאַרפֿן מיט אים אינאײנעם א.,“ אַש, תּהילים־ייִד.

2. זיך צעגיין, זיך פֿונאַנדערגיין. „קהל איז אַהיימגעגאַנגען באַשׂמחהט“, ייִט, כעלעמער חכמים. 3. זיך צוריקציִען. „ווען חתן־כּלה קושן זיך שוין, מעגן די שדכנים א'“, שוו. 4. שטאַרבן. „דער אַלטער איז נעכטן אַהיימגעגאַנגען; מאָרגן איז די לוויה“.

אַהיימגעקומען — אַדי, פּאַר אַהיימקומען ←. וואָס עס קומט (איז געקומען) אַהיים. „דער ברודער ווידער, דער אַ'ער, האָט אַוודאי נישט פֿאַרשטאַנען די זאָרג“, ווײַס, 'געברענגט אַ סוד'.

אַהיימטראָגן — טרוו. טראָג אַהיים, אַהיימגעטראָגן. טראָגן אַהיים, אין דער ריכטונג צו ווער היים. „טיילמאָל האָט מען דעם ייִד... אַהיימגעטראָגן אַ צעבלוטיקטן, אַ צעביסענעם פֿון דעם הונט“, אַש, תּהילים־ייִד.

אַהיימטרײַבן — טרוו. טרײַב אַהיים, אַהיימגעטריבן. טרײַבן אַהיים, אין דער ריכטונג צו דער היים. א., די ציגן פֿון דער פּאַשע. אַז מע וועט ניט אַהיימגיין, וועט מען א'. „זי האָט געהאָלפֿן אַ, די קי“, אָפּאַ, 'אַ

„איזראַעליט“.

אַהיימלויפֿן . אוטוו. לויף אָהיים, בין אַהיימגעלאָפֿן. לויפֿן אַהיים, אין דער ריכטונג צו דער היים. „ערשט דעמאָלט לאָזט זיך דודל אַ, איינער אַליין„, ווײַס, 'דער איבערגאַנג.

אַהיימנעמען — טרוו. נעם אַהיים, אַהיימגענעמען, ~גענומען. ברענגען, טראָגן, מיטנעמען אַהיים. „האָט די מאַמע אַהיימגענומען מער באָנדלעך“, אַש, גראָסמאַן און זון. „דערנאָך קאָנט איר אַ, אַ פּאָר נײַע געשליפֿענע בליצן און זיי אויפֿהענגען אויפֿן האַרצן“, נאַד.

אַהיימפּאַטשן — אוטוו. פּאַטש אַהיים, אַהיימגעפּאַטשט. אַהיימפֿאָרן, אַהיימלויפֿן, אַהיימיאָגן. לויפֿן אַהיים בלי ן־שנעל, אָן אָטעם.

אַהיימפּעקלען זיך — אוטוו. פּעקל זיך אַהיים, זיך אַהיימגעפּעקלט. קלײַבן זיך אַהיים; צונויפֿנעמען די פּעקלעך און פֿאָרן (גיין) אַהיים. „פּטור, פּטור...אַז פֿון אַלץ

-

אַהיימפּאָר

מאַכסטו אַ ווענן...כ'וועל זיך אַ',,, אָפּאַ, 'פֿון
ניו־יאָרקער עטאָ'.
אַהיימפֿאָר — דער, ־ן. אַקט אַדער פּראָצעס
פֿון פֿאָרן אַהיים.
אַהיימפֿאָרן — אוטוו. פֿאָר אַהיים, בין
אַהיימגעפֿאָרן. פֿאָרן אַהיים, אין דער ריכטונג צו דער

היים. ,,האָט די שוועסטער אַפּילו געהאַט
באַשלאָסן נישט אַהיימצופֿאָרן'', וויס, ,דער
איבערגאַנג'.

-

אַהיימסירן — טרוו. פֿיר אַהיים,
אַהיימגעפֿירט. פֿירן אַהיים, אין דער ריכטונג צו דער
היים ,,ביסט דאָך ניט געזונט...כ'וועל דיך
אַ'', אָפּאַ, אונטערוועלט.
אַהיימפֿליִען — אוטוו. פֿלי אַהיים, בין
אַהיימגעפֿלויגן. פֿליִען אַהיים, אין דער ריכטונג
צו דער היים. ,,ניט אַהיימגעפֿלויגן, נאָר אין
ווילדערניש פֿאַרפֿלויגן''.
אַהיימצ ען — אוטוו. צי אַהיים,
אַהיימגעצויגן. אומקערן זיך אַהיים; אַהיימגיין אין
אַ גרופּע (מחנה). ,,דער (כהן משיח במלחמה)

הוט אזו אויז גישריאן אַז דר איין עבֿירה גיטאָן האָט דער זאָל ווידר איין היים ציהן“, לט.

אַהיימקום — דער, ־ען. אַקט פֿון קומען אַהיים (קומען קיין ארץ־ישׂראל). „ . פֿײַערלעכקייט פֿון היסטאָרישן אַ,“, ש. ביקל, טמז, 1957 2.

אַהיימקומען — אוטוו. קום אַהיים, בין אַהיימגעקומען. קומען ביז צו דער היים, אַרײַנקומען אין דער היים. „אויסגעוואַנדערט אַלע לענדער און אַהיימגעקומען (אָן הויזן און) אָן העמדער“, שוו. „און ווען דער בעלהבית אויש דער שול אַהיים קומט, דאָ גינן צווייא מלאָכים מיט אין אַהיים“, לט1. „דאָס קניפּל געלט האָטר מיט זיו גנימן, אַקעגן ימים טובֿים ערשט וועטר אַהיים קומן“, מס, משלי, תּקע“ד, יז, 20. „מיסעס... אָהיימקומענדיק האָט געלאַכט אין די פֿויסטן“, אָפּאָ, 'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ,. „מע שמועסט וועגן יאָסעלעס אַ'“, ש נ, יאָסעלע סאָלאָוויי. אַ, אויף שבת, יום־טובֿ. אַ, (ווי דער בעלעגלה) מיט דער בײַטש, (ווי דער פּאַסטעך) מיטן פֿײַפֿל = מיט גאָרנישט, ליידיק. „

געווען [דער זיידע] אַמאָל אַ דאַנציקער סוחר. פֿאַרציילט האָט מען אָז איין מאָל איז ער אַהיימגעקומען, ווי מע זאָגט, מיטן בײַטשל", פּרץ, 'קינדעריאָרן און מלמדים'. קללה: זײַן נאָמען זאָל אַ'! = אָבער ער אַליין זאָל שטאַרבן אין דער פֿרעמד.

אַהיימרײַטן — אוטוו. רײַט אָהיים, בין (אויך האָב) אַהיימגעריטן. רײַטן אין דער ריכטונג צו דער היים, קומען אַהיים רײַטנדיק. אַ, דורך פֿעלדער און וועלדער. ,,...האָט מיט דעם מילער אב רייד גינומן: ער וויל אחר חצות ווידר מיט איהם אַהיים רײַטן", ,כּ"י וועגן מעצער עלילתדם 1669', [פֿש III].

אַהיימשיקן — טרוו. שיק אַהיים, אַהיימגעשיקט. 1. שיקן אַהיים, אין דער ריכטונג צו דער היים. אַ, אַ גרוס דעם הריזגעזינד. ,,וועט מען דיך מאָרגן אויפֿזעצן אויף אָ שליטן און אַ',,, אָפּאַ, 'פֿאַרשלאָפֿן'. אַ, מיט דער פּאָטשט,

מיט אַ שליטן (שליטוועגס) = גיך פּטור ווערן פֿון עמעצן. 2. שטאַרבן (אייפֿעמיזם) אַרכ. ,,...אום שטין גיזאָגט ווידר אין היים גשיקט.

רייכלה איז איר בעו"ה נפֿטר געוואָרן אַן
בלאַטאהיימשלעפֿן — טרוו. שלעפּ אַהיים,
אַהיימרין [= פּאָקן]", פּדאָגב, 55.

געשלעפּט. שלעפּן אין דער ריכטונג צו דער
היים, ביז אין דער היים. אַ, אַ קעלבל. „אַ
וועגל האָלץ אַהיימגעשלעפּט, אַ נאַריש בינטל
שטרוי..."‚ מלה.

אַהיימשרײַבן — טרוו. שרײַב אַהיים, אַהי
מגעשריבן. שרײַבן פֿון דער פֿרעמד צו עמעצן
וואָס לעבט אין דער היים. פֿאַרגעס ניט אַ,
כאָטש איין מאָל אַ וואָך.

אַהימסאַ — די. מצ ב. > סאַנסקריט.
גאָנדיס שיטה פֿון פּאָליטישער אַקציע דורך
פּאַסיוון ווידערשטאַנד [לכתּחילהדיקער ב:
צערבעלי־חיים, דאָס ניט שעדיקן קיין שום
באַשעפֿעניש].
אַהי'ן — אַדוו. (אויך: הין, איין הין, אַרכ).

Mhd: an־(în)־hin ־1. אָרט־באַטײַט: ווײַזט אויף דער ריכטונג פֿון דעם אָרט וואו מען איז (אָדער דער ריידער און דער הערער ווייסן וואו עס איז) צו אַן אָרט וואָס מע ווײַזט אָן אויף אים, אָדער ווערט פֿאַרשטאַנען וואו דאָס איז, אָדער ווערט ווי ניט איז באַצייכנט. „ניין, ניט דאָ, אַ„ אַ, טראָג עס אָפּ, פֿיר עס אַוועק", אאַזוו. „אַ', אַ, — וואו גראָז איז גריך" [=וואו ס'איז וואַרעם גוט, זוניק]. „בכן בין איו איין הין און, האָב גיפֿרעגט אוב דער...איז גיפֿונדן גיווארן", שו"ת פּניס מאירות, ח„ב, סימן מז. „איך שטויס זיו שוין אָן וואוהין — אַ„ קיין גלופּסק, וואוהין איך פֿאָר אויך אַצינו", ממוס, פֿישקע. „לאה...פֿאַרשטייט דער מאַמעס אַוועקגיין אָ, אין ווינקל", ממוס, שלמה. *גיי אַהין פֿון וואַנעט דו ביסט געקומען = טראָג זיך אָפּ; (מילדער אופֿן) גיי צום טײַוול.

ב י ז אַ ה י ן = ביז אַ באַשטימטן פּונקט: אַז דו וועסט קומען ביז אַ', וועסטו זיך קענען פֿאַררוען. *ניט געדענקען פֿון דאַנען ביז אַהין=אינגאַנצן פֿאַרגעסן, שלעכט (גאָתיט) געדענקען, האָבן אַ קעצישן זכרון.

2. ווי אַן אָנדײַט אויף דעם הימל, אויף יענער־וועלט. „דער רבי זאָל לעבן האָט דעם

מלארהמות אָפּגעהאַלטן אָ גאַנצן טאָג, כּדי
[ער] זאָל קאָנען דאַווענען מיט כּוונה און [זײַן
נשמה] זאָל קומען אַהין אַ ריינע“, יד, אבֿן
נגף. אַוועק אַ, פֿון וואַנעט מע □.מט ניט
מער = געשטאָרבן.

3. צײַט־באַטײַט: (געוויינטלעך מיט ש פּ
עט ע ר, זן מיט בּ י ז) ווײַזט אויף אַ
צײַטפּונקט אין דער קומעדיקייט, אָנהיי□נדיק פֿון
אַ באַשטימטן מאָמענט. ודער צײַט־אָפּשניט איז
דערבײַ אַן אומבאַשטימטע□] ,,איצט האָסטו
ניט קיין געניטשאַפֿט און דו קענסט עס ניט
מאַכן, שפּעטער אָ, ווּעסטו זיך אויסלערנען“.
,,די ערשטע □אָרן פֿון זײַן זעלבּשטענדיקן
האַנדל איז ער געווען אָרעם, שפּעטער אַ, איז
ער מיטאַמאָל נתעשר געוואָרן“. □איר האָט
וואַסער אויף עטלעכע טעג, און בּיז אַ, [= עס

אַהין (און) אַהער

ווּעט קומען די צײַט ווען דער אָנגרייט ווּעט
זײַן אויסגעניצט] ווּעט איר צוריקקומען“.
אַהי'ן — דער. מצ נבֿ. סובֿ פֿון אַדוו אַהין.

„וואו איז דאָס דער אַ, וואָס דו ווײַזסט כּלומרשט אָן אויף אים„?“ ניטאָ קיין אַ', ניטאָ קיין צוריק = אויך: ניטאָ קיין אויסוועג, קיין בּרירה.

אָהין — קאָנווערבּ [ווי איין וואָרט מיטן שטאַם פֿון ווערבּ אין אינפֿ און פּאַר, אָפּגעטיילט און נאָכן ווערבּ אין איצ און אימפּ]. ווײַזט אויף דער ריכטונג, ← אַהין, אַדוו, בּ1. בּלויז אין געציילטע ווערבּן. אין לד זעלטענער ווי אין פּד. אין איצ און אימפּ לאָזט זיך ניט געפֿינען אַן אונטערשייד צווישן דעם קאָנווערבּ און אַדוו אַהין.

אַהי'ן (און) אַהע'ר — צונויפֿגעזעצטער אַדוו. אויך הין (און) הער←. 1. אין אַ ריכטונג צו אַ געוויסן פּונקט און דערנאָך צוריק פֿון יענעם פּונקט צום אָרט וואו די בּאַוועגונג הייבּט זיך אָן. אַ שיפֿסקאַרטע, אַ בּאַנבּילעט אַהין און אַהער. „דער וועג אַהין און דער וועג אַהער איז טאַקע דער גלײַכער, אָבּער אַהין איז עס בּאַר□־אַרויף און אַהער בּאַרג־אַראָפּ“.

2. אין צוויי בּאַשטימטע פֿאַרקערטע ריכטונגען, וואָס מע ווײַזט אָן אויף זיי (אָדער ווערן בּמילא פֿאַרשטאַנען). גיי פֿריִער אַהין און דערנאָך גיי אַהער. „גיי איו אַהין — גייט ער

אַהער, גיי איך אַהער — גייט ער אַהין“ [ווען מע טראַכט אױ□ף אַ קול בײַם שפּילן שאָך, דאַמקעס]. „ס'קען דער מענטש אַהין־אַהער זיך קערן, אי אַ מלאך אי אַ טײַוול ווערן„, ממוס, יָדל. אויך: אַהין אָ ד ע ר אַהער.

3. אין פֿאַרשיידענע (אומבאַשטימטע) ריכטונגען. זוכן אַהין און אַהער. „זענען די מענטשן פֿון דער שיף געגאַנגען זיו זוכן עסן און זיי זענען צעשפּרייט געוואָרן אַהין און אַהער איטלעכער באַזונדער“, נזזב, „מעשׂה מבערגיר והעני'. „מיר זעען יעדן טאָג ווי דער מעקלער, דער פֿאַקטער לויפֿן איבערן שטאָט אַהין און אַהער, פֿון איין גבֿיר צום אַנדערן“, ס□!, יודישער קאָלאָניסט. *זיך וואַרפֿן אַהין און אַהער = זוכן אַן אויסוועג, מיטל, עצה. „איך האָב מיך געוואָרפֿן אַהין און אַהער — אומזיסט! עס גייט ניט, כאָטש טו זיו, שׂונאי־ציון, אַ מעשׂה אָן□“, ממוס, טאַקטע.

4. אַזוי און אַזוי, אַזוי און (צי, אָדער) אַנדערש; וואָס (ווי) מע זאָל ניט טאָן. „איך רעד אַהין און אַהער — און ער שטייט ווי אַ בער“, פֿוול [=מע קען אים ניט רירן פֿון אָרט, איבערצײַגן אין עפּעס]. „אַהין־אַהער, ער האָט

אַרויסגעזען אַז ער וועט מיט אונדז גאָרניט
מאַכן“, שע, '1001 נאַכט,. ,,רייד אַהין, רײַך
אַהער — דער ענטפֿער איז אַ טרער“, פֿוול.
קלער אַהין, קלער אַהער = ווי דו זאָלסט
ניט טראַכטן. ,,וואָס גייט מיר אָן סכּנות נפֿשות
אַהין, סכּנות נפֿשות אַהער!“, יפּ. ,,מיר האָבן
געטענהט...אַהין און אַהער, ער זאָגט מיר
דאָס, איך זאָג אים יענס“, אנפֿ, דיא יודענע.
*ער איז אי אַהין אי אַהער = האָט ניט קיין
פֿעסטע מיינונג; גלײַכגילטיק; ניט פֿאַרלאָזלעך;

אַהין (און) צוריק

צווייזײַטיק. *אָדער אַהין אָדער אַהער =
באַשליס בײַ זיך; זאָל שוין נעמען אַ סוף (וואָס
עס זאָל □.ט זײַן). ס'קומט אַ קריזיס און עס
וועט זײַן אָדער גוט אָדער שלעכט. ,,...דאַרף
זײַן דער קריזיס, אָדער אַהין [דער חולה וועט
געזונט ווערן] אָדער אַהער [ער וועט חלילה
שטאַרבן]“, ש□[, סענדער בלאַנק. *ניט אַהין
(און) ניט אַהער = מע קען זיך ניט רירן פֿון
אָרט; ניטאָ קיין אויסוועג. ,,געבליבן שטיין,
נישט אַהין, □.שט אַהער“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ.

[יע זעט אין דעם דאָס בילד פֿון אַרײַנפֿאָרן אין אַ בלאָטע און נישט קענען זיך רירן נישט װײַטער און נישט צוריק]. *דאָס איז נאָך אַהינאַהער = ס'איז נאָך צו דערלײַדן, ס איז נאָך נישקשה. ,,עפּעס נישט קײן חסיד, נישט פֿון הײַנטיקער װעלט, עפּעס אי אַהין אי אַהער, און דאַכט זיך װידער טאַקע נישט אַהין און נישט אַהער", ממוס, קלײנמענטשעלע. 5. הקיצור, בקיצור, הכּלל (בײַם פֿאַרענדיקן אַ לענגערן שמועס). ,,אַהין־אַהער, מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און געשלאָסן אַ געשעפֿט".

אַהין (און) צוריק — צונויפֿגעזעצטער אַדװ. אויך:...קריק,...קאַריק, אַצוריק, אַק(אַ)ריק. 1. דזוו אַהין (און) אַהער, ב1. אַ בילעט אַהין און צוריק. פֿאָרן (לויפֿן אאַ) אַהין און צוריק. ,,אַהין איז די טיר ברייט, צוריק — שמאָל", פֿוול װעגן מיליטער־דינסט (אויך װעגן אַנדערע סיטואַציעס װאָס עס איז שװער זיי צו בײַטן). קללה: ,,אַהין זאָלסטו ניט דערגיין און צוריק זאָלסטו ניט קומען,,. 2. אַזוי און פֿאַרקערט. מע רעדט (טראַכט אאַ) אַהין, מע רעדט (טראַכט אאַ) צוריק.

אַהינבעטן — טרוו. בעט אַהין, אַהינגעבעטן. 1. בעטן קומען אין אַ באַשטימטן אָרט;־

פֿאַרבעטן (צו אַ חתונה, שׂמחה) אין אַ צווייטער שטאָט. נאָר די נאָענטע קרובֿים אַ, צו דער חתונה אין מיטן וועג. 2. שיקן אַ גאַנג, איר. „אַ, עמעצן צום וואָכערניק אויסלײַען אַ פּעלץ אין מיטן תּמוז“, פֿוול.

אַהינבעטן זיך — ← דפֿוו. אײַנבעטן זיך, בעטן מע זאָל אַרײַננעמען, פֿאַרבעטן אין אַ באַשטימטן אָרט, צולאָזן צו עפּעס. „דו מיינסט, מיר דאַרפֿן אים? דער יונג האָט זיך אַהינגעבעטן, האָט מען שוין געמוזט אים מיטנעמען„.

אַהינבעטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינבעטן פֿאַרבעטונג. מוחל אַזאַ אַ'.

.

אַהינברענגען — טרוו. ברענג אַהין, אַהינגעברענגט (אויך: ~ געבראַכט). אַוועקטראָגן צו אַ באַשטימטן (ווײַטערן) פּונקט. זאָלסט מאָרגן אַ אַלע כּלים.

,

אַהינברענגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינברענגען (אָפֿט איר בײַטעם).

אָהינגאָנג — דער, ־גענג. אַקט פֿון אַהינגיין, אַ גרינגער אַ, און אַ שווערער צוריקגאַנג.

אַהינגיין — אוטוו. גיי אַהין, בין

אַהינגעגאַנ(ג)ען (אויך: ~געגאַן). 1. גיין, אַוועקגיין צו אַ געוויסן פּונקט. אַ, צו אים (אין שפּיטאָל) און זען וואָס ער מאַכט. „דא איך דש גיזעהן האבּ בּין איך מוכרח גיוועזין אונ, ווידר אַהין גנגין“, גה, 2 .371. אַוועקגיין ווײַט

(אין אַן אומבּאַשטימטער ריכטונג); פֿאַרגיין; פֿאַרשווינדן. „אַז דער שבּת־קודש גייט אַהין, קומט די ליבּע וואָך אַהער“, שוו. *גיי וואו דער שבּת־קודש גייט אַהין = טראָג זיך אָפּ, פֿאַרשווינד פֿון פֿאַר די אויגן. “אַז דער בּייזער ווינטער גייט אַהין, איז וועסנע בּײַ אונדז אין לאַנד — טוט זיך אין גאָטס וועלטל אומעטום“, ממוס, „אָ גרויע האָר□. □ ער□ □ □ פֿלעגט מטהר זײַן אַ מת, האָט מען געזאָגט: „הייליקע נשמה פֿון דעם און דעם, גיי אַהין, פֿון וואַנען דו בּיסט געקומען און לאָז דײַן חומר דיך בּאַדינען“].

אַהינגעגעבּן — טרוו. גיבּ (געבּ) אַהין, אַהינגעגעבּן. אָפּגעבּן, אַוועקגעבּן אין אַ בּאַשטימטן אָרט. אָפּטראָגן עפּעס און אַ, עמעצן. „דרום העט איך מיין זון אָבּר [= אָדער] מיין טאכטר

ניט זאלין אַהין געבּין,,, עיון, 2/20.

אַהינגעבּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינגעבּן. דאָס אַוועקשענקען. (אָפֿט איר בּײַטעם). וואָס איז עס פֿאַר אַ מין אַ אַז מ

,

דאַרף עס אַליין!

אַהינגעלאַף; — דער, ־ן. אויך: ~געלויף[. אַקט פֿון אַהינלויפֿן, צונויפֿלויף צו אַ בּאַשטימטן אָרט. אַן אַ, ווי אויף אַ שׂריפֿה.

אַהינדערלאַנגען — טרוו. דערלאַנג אַהין, אַהינדערלאַנגט. טראָגן און אָפּגעבּן אין די הענט אַרײַן אין אַ בּאַשטימטן אָרט. אַ, דעם טעלער פֿיש דעם מחותּן וואָס זיצט אויבּנאָן.

אַהינדרייען — טרוו. דריי אַהין, אַהינגעדרייט. אָפֿט מיט ז י ך. קערן, ווענדן אין אַן אָנגעוויזענער ריכטונג (אָדער פֿאַרקערטער ריכטונג) אָדער צו אַ געוויסן פּונקט. אַ, די רעדער, דעם וואָגן, די פֿערד.

אַהינדרייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינדרייען. דאָס דרייען זיך אין אַ ריכטונג וואָס טויג ניט, איז ניט געוואונטשן פֿון

. ,,

די אַ'ן און אַהערדרייענישן פֿון געדאַנק ווערט דער ענין ניט קלאָרער".

-

אַהינוואַרסן — טרוו. וואַרף אַהין,
אַהינגעוואָרפֿן. 1. וואַרפֿן צו אַ באַשטימטן פּונקט
(פֿאָרויס, אין אַ זײַט). אָ, די פּילקע, דאָס
שטיינדל. 2. אַנידערוואַרפֿן, אַוועקוואַרפֿן (
קורלאַנד). איך האָב כּוח דיר [= דיך]
אַהינצוּוואַרפֿן.

▯

אַהינוואַרסעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַהינוואַרפֿן. אַן אַ, און
אַן אַהערוואַרפֿעניש.
אַהינווייזן — אוטוו. ווײַז אַהין, אַהינגעוויזן.
-

אָנווײַזן, אָנדײַטן אויף עפּעס אין אַ
באַשטימטער ריכטונג אָדער אויף אַ באַשטימטן פּונקט.
אַ, עמעצן אויף עפּעס.
אַהינוועגס — אַדוו. אויפֿן וועג אַהין. „אַ,
געהאַט אַ גרינג געמיט“, בּימקאָ. אַ, און
צוריקוועגס. סוב — דער. „זאָל דער אַ, נאָר
געראָטן, וועט דער אַהערוועגס זײַן ניט שווער“.
אַהינטאָן, (~טון, טין) — טרוו. טו, טוען
אַהין. אַהינגעטאָן (~געטדן, ~געטין). אַרכ:
.

הין טון. 1. אַוועקלייגן ערגעץ אין אַ זײַט, פֿאַרלייגן. „וואו האָב איך אַהינגעטאָן די ברילן? איך קען זיי ניט געפֿינען„. 2. פֿאַרלירן אָדער איבערלאָזן ערגעץ און ניט געדענקען וואו.

אַהינטער

„וואו האָסטו אַהינגעטאָן די קאַלאָשן? נײַע קאַלאָשן געווען", רייד. 3. באַהאַלטן מע זאָל ניט קענען געפֿינען. אַ, דעם אַפּיקומן, מע זאָל אים לאַנג דאַרפֿן זוכן. „זג מיר נורט אַן ולוקש און, גירינג...וואו הושטו הין גיטון מיין גולדן רינג", בבֿא־בוך, 306, 3. „און, ...זאַל ווייטר אינפֿאָרמירן וואו החסיד האָט התּינוק אַהין גיטאן", 'כ„י וועגן מעצער עלילתדם„ 1669 נפֿש 4 .▯III. אָפּזעצן; פּטור ווערן דורך פֿאַרקויפֿן, אַוועקשענקען; אויסניצן. וואו זאָל מען אַ אַזוי פֿיל סחורה? "וואו טוט מען

,

אַהין אַזוי פֿיל טינט? ס'איז ניטאָ וואו אַ,", שע, מאָטל. „שווער איז זיי געוואָרן דאָס לעבן אָן אַרבעט. ניטאָ אַוואו די הענט אַהינצוטאָן", פּה פֿון ווײַטע לענדעך. „מע מינעט זיו עפּעס

,

משונה, מע ווייסט ניט ווי מע זאָל שטיין, ווי מע זאָל זיצן, וואו מע זאָל אַ, די הענט“, ממוס, קליאַטשע. 5. אײַנאָרדענען, אײַנפּלאַצירן; געפֿינען אָרט, באַשעפֿטיקונג. געקומען געסט און איך ווייס ניט וואו זיי אַהינצוטאָן בײַ זיך אין שטוב. אַ, די יתומים אין אַן אַנשטאַלט. *ניט וויסן וואו די אויגן אַהינצוטאָן = זײַן אין גרויס פֿאַרלעגנהייט (מחמת בושה, שווערער סיטואַציע אע).

אַהינטאָן זיך — אוטוו. איצ, אימפּ זן. ← דפֿוו.

1. זיך אײַנאָרדענען, געפֿינען פֿאַר זיך פּאַסיקן אָרט (באַשעפֿטיקונג). „די וועלט איז אַ גרויסע און ס'איז ניטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן„„ שוו.

2. געפֿינען רו, מקום־מקלט, אָרט אויף צו לעבן. „מ'קען זיך אין ערגיץ נישט אַהין טאָן פֿאַר אַמלחמה“, מס, קהלת, תּקע„ט, ח, 8. „זענען מיר...געבליבן אָן דירות, און וואוהין...זאָלן מיר זיך איצט אַ'?“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. „ וואוהין גייט מען? וואו טוט מען זיך אַהין? אַלע ייִדן זײַנען אויסגעהרגעט...“, חג, מ אַ מ ע ס שבתּיס. 3 פֿאַרפֿאַלן ווערן; פֿאַרבאַהאַלטן

.

זיך. „מיר זוכן אים, מיר ווייסן ניט וואו ער האָט זיך דאָ אַהינגעטאָן“. „ער ווייסט ניט וואו

ער זאָל זיך אַ, פֿאַר גרויס עגמת־נפֿש“, ממוס, שטורעמצײַט. „וואו קען מען זיך אַ, פֿון רעגן און פֿון ווינטן?“, יהואָש, 'זומערנעכט'. *ניטאָ וואו אַ, זיך — א) ניטאָ קיין באַהעלטעניש; ב) ניטאָ קיין שטעל, אַרבעט; ג) אין זייער אַן אומרואיקן געמיט־צושטאַנד. 4. זײַן אין שווערן מצבֿ איבער עודף אָדער דוחק אין עפּעס. שווער זיך אַ, מיט אַ שפּײַכלער תּבֿואה. „וואו וועט זי זיך אַ, מיט די אָבדירקעס, מיטן פּסחדיקן שמאַלץ“, שע, 'אויף ישובֿ ארץ־ישׂראל' פֿרגל אַהינטאָן, ב3.

אַהינטן — אַדוו. אַהינטער פֿון הינטן.

.

די הענט פֿאַרלייגט אַ, = אויפֿן רוקן I־ה אַרומגייענדיק ליידיק; אָן דאגות]. „זיי שפּאַצירן זיך יום־טובֿ אָדער שבת...דרייענדיק דערבײַ די קוטאַסן, די שפּיצן בערדלעך און אַ טייל פֿאַרלייגט די הענט אַ'„, ממוס, פֿישקע.
אַהינטער — אדוו. Mhd: enhin(1er..1.
אָרטבאַטײַט: אין דער ריכטונג אויף צוריק; אָפּגעקערט, אַוועקגעדרייט פֿון דער זײַט וואוהין מע נייט, מע קוקט. “קערן זיי זיך תּיכּף אום אַ,

און צעשפּרייטן זיו", קה. „און האָבן
צוגעדעקט די נאַקעטקייט פֿון זייער פֿאָטער מיט

אַהינטער

זייערע פּנימער אַ", תּי, בּראשית, ט, 23. „ווי
אַ מענטש וואָס גיט אַ זאַך זײַנעם אַ שׂונא
...ער טוט דאָס אים אַ וואָרף ווי אַ, זײַן
אַקסל", תּניא, 54. „ער הייבּט פֿיסלעך, פּוצעט
אויס דאָס בּײַכל, פֿאַרוואַרפֿנדיק אַ, דאָס קעפּל",
ממוס, ווינטשפֿ. „אַזיסט קערסטו אָפּ זייער
האַרץ אַ", תּי, מלכים א, יח, 37. גלייבּעניש:
„אַ קינד טאָר ניט גיין אַ': וויפֿל טריט ער
מאַכט, אַזוי פֿיל יאָרן וועלן זײַנע עלטערן זײַן
אין גיהנום", בּאַסטאָמסקי, בּײַם קוואַל, 101.
2. אַהינטן←, אויפֿן רוקן. „שפּאַצירן זיך יענע
פּאַסאַזשירן...גאַנץ רואיק פֿאַרלייגנדיק די
- __
...
הענט אַ", ממום, 'שם און יפֿת'. „ער האָט
אַזש פֿאַרלייגט איין האַנט אַ, און געקוקט גלײַך
אין די אויגן אַרײַן", שע, 'כּתרילעווקער
נשׂרפֿים'. „געשטאַנען, די הענט פֿאַרלייגט אין
אַרבּל אַ", חג. 3. צײַט־בּאַטײַט: וואָס עס איז

שוין פֿאַרבײַ. „דאגות אַ, — ווערט מען גענזינטער“, שוו. „אָט ליגט דאָס ליבסטע שוין אַ, אין אָפּגעטרוימטער וואָר„, אַל. 4. בײַם (צום) סוף, בײַם פֿאַרענדיקן; שפּעטער. „אויך האָב איך איטלכט גיזעטץ פֿון פֿאָרנן ביז אהינטר גישטעלט נאָך דעם גיריים“, עיון, הקדמה. „דעם נמשל, רבותי, וועל איך אויסברענגען אַ'“.

אַהינטער — פּרעפּ. דזוו הינטער←. אַ, דעם הויז, אַ, דער שאַפֿע אאַזוו. גיין אַ, אים. „אַ, אונדז אַ שטאַרבנדיקער ווינטער„, הל.

אַהינטער — קאָנווערב. ← אַהינטערגיין, אַהינטערנעמען, אַהינטערקומען.

אַהינטערגאַנג — דער, ־גענג. 1. אַקס פֿון אַהינטערגיין. 2. אַרומרינגלונג (פֿון שׂונאס אַן אָפּטייל, פּאָזיציע).

אַהינטערגיין — אוטוו. גיי אַהינטער, בין אַהינטערגעגאַנגען [אַהינטער איז דאָ אַ קאָנווערב]. 1. גיין אויף צוריק, הינטערווײַלעכס. אַ, עטלעכע טריט. 2. צוקומען פֿון הינטן, אומגעזען, אומבאַמערקט. אַ, און אונטערהערן דעם שמועס.

אַהינטערווײַלעכ(ט)ס — אַדוו. דזוו הינטערווײַלעכ(ט)ס. „פּלייצעס דרײַ אַ, רוקן זיך צום גרוב“, הל, ‚לידער פֿון אומקום'.

אַהינטערנעמען — טרוו. נעם אַהינטער,
אַהינטערגענומען (אויך ~גענעמען) [
אַהינטער איז דאָ אַ קאָנווערבּ]. נעמען פֿון
הינטערווײַלעכס, אונטער זיך [אָפֿט געפּלאָנטערט
מיט אַרונטערנעמען]. אַ, די האַנט און אַ, די
בּערעלעך פֿון רעקל. „...אַהינטערגענומען
הינטער זיך די פֿיס, זיי בּאַדעקט מיטן
בּאַטיסטן קליידל“, אָפּאַ, אַליין.
אַהינטערקומען — אוטוו. קום אַהינטער, בּין
אַהינטערגעקומען [דאָ איז אַהינטער אַ
קאָנווערבּ]. 1. אונטערקומען ←. 2. קומען פֿון
הינטערן רוקן, אומבּאַמערקט, אומגעזען. אַ,
און אָנפֿאַלן.
אַהינטראָגן — טרוו. טראָג אַהין,
אַהינגעטראָגן. (אָפּ, אַוועק)טראָגן צו אַ געוויסן
פּונקט. אַ, האָלץ צו די וואָס זיצן אין דער
קאַלטער שטובּ.
אַהינטראָגעכץ, ־געניש — דאָס (די),
־ן. פּראָצעס פֿון אַהינטערטראָגן. אַ שטענדיקע
אַ, פֿון קאָנטראַבּאַנד.

אַהינטרייבּן — טרוו. טרײַבּ אַהין,

אַהינגעטריבֿן. טרײַבֿן צו אַ (בֿאַשטימטן) אָרט, פּונקט פֿאָרויס אָדער אין אַ ריכטונג וואָס ווערט אַנגעוויזן. אַ, די בהמות צו דער פּאַשע, די אַרעסטאַנטן צו דער טורמע אאַזוו.

אַהינטרײַבֿעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינטרײַבֿן. "אויפֿגעוועקט אין מיטן נאַכט און עס הייבֿט זיך אָן אַן אַ, צום אויספֿאָרשער".

אַהיניאָגן — טרוו. יאָג אַהין, אַהינגעיאָגט. יאָגן, טרײַבֿן צו אַ (בֿאַשטימטן) אָרט, פּונקט, פֿאָרויס אָדער אין אַ ריכטונג וואָס ווערט אָנגעוויזן. אַ, די פֿערד צום הויף, אַ, די הינט אויף (צום) געיעג.

אַהיניאָגעכץ, ־געניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהיניאָגן. אַרויסנעמען די כוחות פֿון אַזאַ אַ'.

אַהינלויפֿן — אוטוו. לויף אַהין, בין אַהינגעגעלאָפֿן. 1. לויפֿן (גיין) צו אַ (בֿאַשטימטן) אָרט, פּונקט (מיטן אייגענעם ווילן, מיט חשק). אַ, צו דער שׂריפֿה, צום געשלעג; אַ, וואו די קאָמעדיאַנ(ש)טשיקעס מאַכן קונצן. „אַוודאי אויף אַ פּוילישן באַל...וואָלסטו זיך בעסער געפֿילט, וואָלסטו אַהינגעלאָפֿן", ספּ, סודות.

2. אַוועקלויפֿן. אַרכ. „דען עש זיין פֿיל ערטר וואו דוא קאָנשט דערפֿון אַהין לופֿן, דא דורך א□נ□ויפֿעכ□ו, ־עניש — דאָס (די), ־ן (־ער).
טו דיר עולם הבא קופֿן“, עיון, 1/8.
— ינ
פּראָצעס פֿון אַהינלויפֿן.
אַהינלייגן — טרוו. לייג אַהין, אַהינגעלייגט.
אַוועקלייגן אויף אַ באַשטימטן אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען פֿון שמועס, סיטואַציע. „ווייסט □.ט וואו אַהינצולייגן די קליידער? אָט דאָ אין ווינקל לייג זיי אַהין“. „וואַש [ער]...וועלט הין ליגן טאָר ערש אַך וואול אַוועק טאָן“, לט1, 1/70.
אַהינמאַרשירן — אוטוו. מאַרשיר אַהין, אַהינ(גע)מאַרשירט. גיין אין אַ גרופּע, שפּרײַזן, שפּאַנען צו אַ באַשטימטן אָרט. “קינדער, לאָמיר אַ, צום וועלדל“.
אַהיננעמען — טרוו. נעם אַהין, אַהינגענומען (אויך ~גענעמען). נעמען און אַוועקטראָגן, ברענגען צו אַ באַשטימטן אָרט; אַהינברענגען. גיין צום חולה און אַ, אַ טעפּעלע הינעריויך.
אַהינפּויזען — אוטוו. פּויזע אַהין, אַהינגעפּויזעט. קריכן, פּויזען צו אַ באַשטימטן אָרט.

„דאָס קינד וועט באַלד אַ, צו דער גרויסער פּילקע“.

אַהינפֿאַלן — אוטוו. פֿאַל אַהין, בין אַהינגעפֿאַלן. 1 פֿאַלן, אַנידערפֿאַלן. (קורלאנד).

.

„האַלט זי פֿאַרן הענטל, זי וועט אַ'!“. 2. פֿאַלן אויף אַ באַשטימטן אָרט. וואַרפֿן די שטעקלעך זיי זאָלן אַ, צווישן די צוויי שטיינער.

אַהינסאָר — דער, ־ן. אַקט פֿון אַהינפֿאָרן. דער וועג מיט וועלכן מע פֿאָרט אַהין. גרינגער אַ'; זאַמדיקער אַ'.

-

אַהינסאָרן — אוטוו פֿאָר אַהין, בין אַהינגע.

פֿאַרן פֿאָרן, דערפֿאָרן צו אַ באַשטימטן .

פּונקט, אָרט. „שוין לאַנג ניט געוועזן קיין

אַהינקומען

בריוו פֿון פֿעטער. איך וועל אַ, און זען וואָס

ער מאַכט“.

אַהינפֿאָרעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראַצעס פֿון אַהינפֿאָרן. דאָס אַ, צום רבּין.

אַהינפֿירן — טרוו. פֿיר אַהין, אַהינגעפֿירט.
(אַוועק)פֿירן צו אַ בּאַשטימטן פּונקט, אָרט.
אַ, דאָס ווײַנענדיקע קינד צו דער מאַמען.

אַהינפֿירעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהינפֿירן.

אַהינפֿל□ע□ן, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהינפֿליִען. וואָס איז די אײַלעניש, די
אַ,, די יאָגעניש?

אַהינפֿל□ען — אוטוו. פֿלי, פֿליִען אַהין; בּין
אַהינגעפֿלויגן פֿליִען, אַוועקפֿליִען צו אַ
בּאַ.
שטימטן אָרט, פּונקט. „די טויב וועט אַ, מיט
מײַן בּריוו“.

אַהינצו — אַדוו. [צונויפֿשמעלץ פֿון אַהין+
צו]. 1. דזוו אַהין, אָבער בּלויז מיט
אָרטבּאַטײַט. לאָמיר גיין, פֿאָרן אע אַ'. ניט וויסן
דעם וועג אַ'. „וויסט די גערטנער, זייער צוים
צעבּראָכן, קינד און קייט אַ, איז געקראַכן“,
ממוס, יודל. „האָט די מאַמע אין איינעם אַ
פֿרײַטיק...מיך מיטגענומען אַ'“, דטש, דוקאָר.
2. צו יענעם ענין. דער קאָפּ דרייט זיך כסדר

אַהינצו, צו דער פֿראַגע ווענן...

אַהי'נצ▯ וועגס — אַדוו. פּד. אויפֿן וועג אַהין. „אַ, איז דער ים געווען גלאַט ווי אַ שפּיגל“.

אַהינצוצו — אַדוו פֿטמ. דזוו אַהינצו, נאָר

.

עמפֿאַטישער. „בעט מען אים מחילה, ער זאָל זיך מטריח זײַן אַ, — און ער מוז גיין!“, שע. פֿאָרט איר, הייסט עס, פּאַני שלום־עליכם,

▯ ▯

אויך אַ', ווי אַלע?“, שע, ,מעשׂיות פֿון 1001 נאַכט'. „געקומען אַ', האָט דער רבֿ זיו אַוועקגעזעצט...“, פֿרידלאַנד, אַמעריקאַנער.

אַהין־צוריק — דזוו אַהין און צוריק ←.

אָהינצוריק־בילעט = (באַן)בילעט צו אַ באַשטימטער סטאַנציע און צוריק צו דער סטאַנציע פֿון וואַנעט מע פֿאָרט אַרויס. אַהין־צוריק־באַוועגונג פֿון פּאָמפּעדיקל.

אַהינצ▯ען — צי אָהין, אַהינגעצויגן. אוטוו — זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אַנדער (באַשטימט) אָרט; גיין, קומען אין אַ באַשטימט אָרט. אַרכ. „איך האָב בדיעה גיהאט איין הין צו ציהן מיט מיינה קינדליך, גאָט בהיט זיא

נון, ווייל עס אזו צו גיט קאַן עס ניט זיין“, פּראָגבֿ, 1. „...דען עס איז זונשט קיין יהודי נאָך גיפֿארן...דען עס איז זונשט קיין יהודי דיא זעלביג צײַט הין גיצוגן“, שו“ת מ◻Iאת בנימין, סימן מד. טרוו — ציִען, שלעפּן צו אַ באַשטימט אָרט, פּונקט. אַ, די שטריק ביזן פּאַרקן.

אַהינקום — דער, ־ען. אַקט פֿון אַהינקומען. שווערער אַ', גרינגער אַוועקגאַנג.

אַהינקומען — אוטוו. קום אַהין, בין אַהינגעקומען. 1. (אָנ)קומען צו אַ באַשט◻מט אָרט. „ווען מיר זײַנען אַהינגעקומען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען„. „שרײַבט מיר אובֿ איך זאָל איין הין קומן אַדר ניט„, פּראָגבֿ, 22. „און, תּיכּף מיך בעגלה מיט ג, שומרים נאָך

אַהינקומעניש

פּ„ה [= פּיטרשהאגן] גשיקט בין לעת ערבֿית אַהין קומין“, גה, 389. „און ווער שמועסט...פּון דעם הייליקן שבת־קודש, ווען די נשמה יתירה קומט אַהין...„, טעיאַטאָר. „זי האָט אָנגעזאָגט פֿאַרן אַרויסגיין דער דינסט, אַז שפּעטער זאָל זי אויך אַ'“, ווײַס, 'ווי דער גורל

פירט'. 2. (ווענן זאַכן) פֿאַרלאָרן גיין, ▯יט
ווערן, צערינען. ,,וואו איז דיין פֿאטרש געלט?
האָט ער דאָך פֿיל טויזנט טונן גאָלד געהאַט —
וואו איז דז אלש אַהין גיקומן?,,, לט▯. ,,זי
וויש ניט וואו איינש אָבּר דעש אנדרה ווער אַהין
ניקומן,,, עיון, 2/29. ,,איך זוו אַ זאָק, א▯ך
ווייס ניט וואו ער איז אַהינגעקומען", שבֿחי
▯עש"ט. ,,ער קלערט וואו רויכעס קומען אַהין
(זאָגט מען אין לעמבּערג וועגן אייגעם וואָס
זיצט פֿאַרטראַכט און טוט גאָרנישט)", [
בּערגשטיין, קלערן 1]. ,,אַלע אינדערפֿרי בּײַם
ערשטן דאַוונען מאַכט דער שמש גוואַלדן וואו
דער שופֿר איז אים אַהינגעקומען", ווײַס, אַ
שטעטל. 3. (וועגן לעבּעדיקע בּאַשעפֿענישן)
נעלם ווערן, פֿאַרשווינדן. ,,ולאחר הכּרוז זענין
עטליכי קומין אונ, האָבּין וועלין ווישין וואו
התּינוק זייא אַהין קומין,,, ,בּ"י וועגן מעצער
עלילת דם', 1669 [פֿש III]. ,,וואו זענען די
חכמים? האָבּן זיי געענטפֿערט, זיי ווייסן
גאָרניט וואו זיי זענען אַהינגעקומען", נחבּ,
,מעשׂה בּחכם ותּם'. ,,און צווייטנס וואו זענע▯
אַהינגעקומען די עשׂרת השבֿטים?", שע,
מע▯יות און פֿאַנטאַזיעס. ,,געל ווערט וואָס

גרין — און וואו קומט דענסטמאָל דאָ
שוועלבעלע אַהין?“, ממוס, פּרק שירה. *ניט
וויסן וואו (מײַן, זײַן אאַ) געבּיין קומט אַהין
— פֿאַרוואָגלט ווערן העט־ווײַט פֿאַרשוואונדן
— —
,
ווערן; אומקומען. „מע זאָל ניט וויסן וואו זײַן
געבּיין איז אַהינגעקומען!“, קללה. „און גאָט
ווייסט וואו זייער געבּיין וועט אַ', טאַטע־מאַמע
וועלן אַפֿילו גיט זיצן שבֿעה“, ממוס, שלמה.
„זאָל ער אַזוי וויסן וואו ער וועט אַ'!“ —
קללה. 4. אַהינטאָן זיך ←. „אַז אַלע זוכן
שיינע כּלות — וואו קו עז אַהין די מיאוסע
מיידן?“, פֿוול. „איר מוטער וועט זי גלײַך
אַרויסוואַרפֿן. וואוהין זאָלן מיר אַ'?“, איבּז
ים, ייִנגל און מיידל. „אָן אַ פֿאַך און אָן
קרובֿים — וואו וועט ער אַ,?“.
אַהינקומעניש — דאָס (די), ־ו. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַהינקומען.
אַהינקוקן — אוטוו. קוק אַהין, אַהינגעקוקט.
קוקן אין אַ בּאַשטימטער ריכטונג, פֿאָרויס,
אַהינצו. „[זיי] האָבּן בּיידע אַהינגעקוקט צו די
שיפֿן...אויף די שיפֿן האָט זיך ניט געפֿונען
קיין לעבּעדיקער נפֿש“, ייִט, טמז, 12 1954 .II
אַהינקײַקלען — טרוו. קײַקל אַהין,

אַהינגעקײַקלט. (אַוועק)קײַקלען אין אַ באַשטימטער ריכטונג, צו אַ באַשטימטן אָרט. אַ, די פֿעסלעך.

אַהינקערן זיך — אוטוו. קער זיך אַהין, זיך אַהינגעקערט. דרייען זיך, קערן זיך, ווענדן זיך אין אַ געוויסער ריכטונג; זיך אַוועקדרייען. ניט וויסן וואו זיך אַהינצוקערן. „קערט מען זיך אַהער — טרעפֿט מען אַ בער; קערט מען זיך אַהין — גיט אַ שטאָו אַ בין“, שוו.

אַהינקריכן — אוטוו. קריך אַהין, בין (האָב) אַהינגעקראָכן (אויך: ~געקריכן). (אַוועק)־קריכן צו אַ באַשטימט אָרט. אַ, אין ווינקל.

אַהינקריכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינקריכן. אַזאַ פּאַמעלעכע אַ..

אַהינרודערן — רודער אַהיו, אַהינגערודערט. אוטיִו — (דער)פֿאָרן מיט אַ רודער־שיפֿל צו אַ באַשטימט אָרט, פּונקט. „שווער אַהינצורודערן צום אינדזעלע, ווײַל מיר פֿאָרן קעגן שטראָם“. טרוו — פֿירן אַ שיפֿל אַהין. „אַ, דאָס שיפֿל צום אינדזעלע“.

אַהינרופֿן — טרוו. רוף אַהין, אַ□ינגערופֿן.

(אַוועק)רופֿן צו אַ באַשטימטן אָרט, רופֿן אַהינ..
צו אָדער צו זיו. אַ, די קינדער און
אָרגאַניזידן אַ שפּיל.
אַהינרוקן — טרוו. רוק אַהין, אַהינ ערוקט.
(אָפּ, אַוועק)רוקן פֿון דעם אָרט וואו עס
געפֿינט זיך אין אַ ריכטונג וואָס ווערט אָנגעוויזן
(אָדער פֿאַרשטאַנען). אַ, די שטולן נעענטער
צום פֿענצטער.
אַהינרײַטן — אוטוו. רײַט אַהין; בין (האָב)
אַהינגעריטן. (אַוועק)רײַטן צו אַ באַשטימטן
אָרט, פּונקט. ווער וועט ני ער אַ, צום טײַו?
אַהינשאַרן — טרוו. שאַר אַהין, אַהינגעשאַרט.
(אָפּ, אַוועק)שאַרן, רוקן פֿון דעם אָרט וואו
,
עס געפֿינט זיך אין אַ ריכטונג וואָס ווערט
אָנגעוויזן (אָדער פֿאַרשטאַנען). „דער קאַליקע
מוז נעבעך זיך אַ, אויף זײַנע קלעצלעך„..
אַהינשווימען — אוטוו. שווים אַהין, בין
(האָב) אַהינגעשוואומען. (אַוועק)שווימען אין
אַ ריכטונג צו אַ באַשטימטן אָרט, פּונקט. אַ,
צום צווייטן ברעג.
אַהינשוועבן — אוטוו. שוועב אַהין,
אַהינגעשוועבט. שוועבן, פֿליִען צו אַ באַשטימטן
אָרט, פּונקט. איך וועל אַ, צו דיר ווי אויף

פֿליגלען.
אַהינשטויסן — טרוו. שטויס אַהין, אַהינגעשטויסן. (אָפּ, אַוועק)שטויסן אין אַ באַשטימטער ריכטונג צו אַן אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן (אָדער פֿאַרשטאַנען). אַ, דעם שׂונא נעענטער צו די בלאָטעס.
אַהינשטופּן — טרוו. שטופּ אַהין, אַהינגעשטופּט. (אָפּ, אַוועק)שטופּן אין אַ באַשטימטער ריכטונג צו אַן אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן (אָדער פֿאַרשטאַנען). אַ, דאָס וועגעלע, עס זאָל ניט פֿאַרשטעלן דעם וועג.
אַהינשטופּעכץ, ־עניש — דאָס (ד□), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהינשטופּן (זיך). דאָס אַ, אָן אַ בילעט אַרײַנצוגיין וועט ניט העלפֿן.
אַהינשטעל — דער, ־ן. אַקט אָדער אופֿן פֿון אַהינשטעלן. בײַטן דעם אַ, פֿון די סטאַטועס.
אַהינשטעלן — טרוו. שטעל אַהין, אַהינגעשטעלט. אַוועקשטעלן, שטעלן אויף אַ באַשטימטן אָרט. „אונטער דער חופּה ווי אַ געצעלט האָט מען דעם חתן אַהינגעשטעלט“, עט, לידער. אַ, עמעצן פֿאַר אַ שומר.
אַהינשטראָמען— אוטוו. שטראָם □ין, אַה□נגעשטראָמט. 1. פֿליסן, גיסן זיך מיס אַ שטראָם אין אַ באַשטימטער ריכטונג (צו אַ

געוויסן אָרט). אויפֿשטעלן אַ דאַמבע און מאַכן

אַהלושען

דאָס וואַסער אַ, צו די פֿעלדער. 2. אין אַ
מאַסע גיין צו אַ באַשטימטן אָרט. דער עולם
האָט אַהינגעשטראָמט צו הערן דעם רעדנער.
אַהינשיבן — טרוו. שיב אַהין, אַהינגעשיבס.
פּד. אַהינרוקן. אַ, דעם טשאָלנט טיפֿער א□ן
אויוון.
אַהינשיטן — טרוו. שיט אַהין, אַהינגעשאָטן
(פּד: ~געשיט). שיטן, אַוועקשיטן אין אַ
באַשטימטן אָרט. וואו זאָל איך אַ, דאָס מיסט?
אַהינשיקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַהינשיקן. דאָס וואָס ווערט אַהינגעשיקט. די אַ, איז
ניט אָנגעקומען.
אַהינשיקן — טרוו. שיק אַהין, אַ□.נגעשיקט.
שיקן אין אַ געוויסער ריכטונג, צו אַ
באַשטימטן אָרט, באַשטימטן מענטשן. אַ,
שטאַפֿעטן צו די האַרן פֿון דער מדינה. אַ,
שלחמנות.
אַהינשיקעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהינשיקן. דאָס אַ, קאָסט מער
ווי די סחורה גופֿא.

אַהינשלעפֿן — טרוו. שלעף אַהין,

אַהינגעשלעפֿט. אָפּט מיט ז י ך. שלעפֿן אין אַ געוור

סער ריכטונג, צו אַ באַשטימט אָרט, פּונקט.

„וואָס וועסטו דעם אַלטן אַ, צו זײַנע קינדער?

א□לן □ע□ענ□ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

ז   יִ ומע צו אים!“.

י□ש

□

פֿון אַהינשלעפֿן (זיך). אַן אַ, וואָס האָט

אויסגעמאַטערט.

אַהינשפּאַנען — אוטוו. שפּאַן אַהין,

אַהינגעשפּאַנט. שפּאַנען, גיין, שפּרײַזן אין אַ

באַשטימטער ריכטונג, צו אַ באַשטימטן אָרט. אַ,

אין מיטן נאַכט.

אַהינשפּרייזן — אוטוו. שפּרײַז אַהין,

אַהינגעשפּרײַזט. אַהינגיין מיט גרויסע (גיכע)

טריט. אַ, צו דער אַפּטייק און אָפּנעמען די

רפֿואה.

אַהינשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אַהין, בין

(האָב) אַהינגעשפּרונגען. (אַוועק)שפּרינגען אין

אַ געוויסער ריכטונג, צו אַ באַשטימט אָרט. גיו

אַהינגיין. נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס

און אַ, אין אַ פּאָר מינוט.
אהל — ←אוהל.
אַ'הלאַן אוסאַ'הלאַן פֿאָרמל פֿאַר
באַגרי----
סונג. אָראַביש: asahlan ך n פֿAhlā. א״י [בײַם
אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ. קאָס]. ברוך־הבא.
געניצט אָפֿט שפּאָטיש: אַהאַ! אַ, א', ער איז דאָ.
אויך: אַ'כאַלע וועסאַ'כאַלע.
אָהלה, אָהליבֿה — [אָהאָ'לאָ, אַהאָלי'וואָ
צוויי סימבאָלישע געשטאַלטן פֿון נבֿיא יחזקאל,
כג פֿאַר מלכות ישׂראל און מלכות יהודה. אין
,
קינות פֿון תּשעה־באָבֿ — אַ ד אַלאָג צווישן די
,
ביידע פֿרויען־געשטאַלטן, ווער עס האָט מער
געליטן. אָהליבֿה ('מײַן געצעלט איז אין איר')
= אויך ירושלים.
אָהלה של תּורה — [אָהאָ'לאָ שעל טוירע]
פֿראַזע. תּח. < בראשית רבה, סג, טו.
געצעלט פֿון תּורה,; ישיבֿה, בית־מדרש; יעדער
אָרט וואו מע לערנט תּורה. ,,סלאָבאָדקע איז
אַ געהויבענע אָ, ש, תּ,“.
אַהלושען — וודר. ← אָגלושען.

אָהלות

אָהלות — [אָהאָ'לעס] 'געצעלטן'. נאָמען פֿון דער צווייטער מסכתּא אין סדר טהרות, מיט 18 פּרקים; לערנט די הלכות ווי אַזוי מע ווערט טמא פֿון אַ מת דורך געצעלט, דה ווען מע געפֿינט זיך מיט אַ מת (אָדער אַ טייל פֿון אַ טויטן קערפּער) אונטער איין דאַך. קיין גמרא אויף אָ,, נאָר תּוספֿתּא — ות].
*ס'איז (דאָך) נגעים ואָהלות = ס'איז זייער אַ שווערער, פֿאַרפּלאָנטערטער ענין [ווײַל דאָס זײַנען צוויי שווערע מסכתּות, און אויפֿן סמך פֿון חגיגה יד/א; ,,עקיבֿא! וואָס רעדסטו וועגן
י קדר — [אָ'האָליי קיידער] פֿראַזע. < שיר דה, דו רעד בּעסער וועגן נגעים און אָ''].
אָה
השירים א, 5. 'געצעלטן פֿון קדר'. תּי:
,,שוואַרץ בּין איך...ווי די געצעלטן פֿון קדר,,.
איבּערגעזעצט אויך: ,,געצעלטן פֿון די טאָטערן'', ,,(כּאָהלי קידר) ער גלײַכט די תּלמידיחכמים צו דען געצעלט פֿון די טאָטירן'', צור, שיר השירים, זולצבּאַך, תּקנ''ט. פֿון דעם פֿאַרגלײַך: שוואַרץ (פֿאַרפֿינצטערט) ווי אָ, ק'.

„אײַ, [ייִדן] זענען שוואַרץ ווי אָ, ק', דערפֿאַר
זענען זיי שיין ווי יריעות שלמה מיט מעשׂים
טובֿים“, יודישעך פּאַך־פּסח.

אָהלי־שם — [אָ'האָליי־שעם] די. אצ נבֿ.
< בּראשית, ט, 27. 'געצעלטן פֿון שם';
ערטער וואו מע לערנט תּורה, ישיבֿות,
בּתּימדרשים [אויפֿן סמך פֿון אַ סך שטעלן אין
תּל□ח — [אַהאַ'לעלאָ] 'איך וועל לויבֿן, אָדער
מכּות, כג/בֿ; יומא, י/א אאַ].

אהל
'לאָמיך לויבֿן'. ערשט וואָרט און נאָמען פֿון אַ
פּיוט דעם צווייטן טאָג ראָש־השנה צו מוסף.
*מאַכן אַ חילוף (בּײַטן). אַנסיכה אויף אַ, פֿוול
. ,
=אַ בּײַט אָן אַ ממשות, אָן אַ נוצן; ווען די
פֿאָרמולירונג איז אַן אַנדערע, אָבֿער דער תּוך
איז דער זעלבֿיקער [דעם פּיוט אַנסיכה זאָגט
מען דעם ערשטן טאָג ראָש־השנה צו מוסף,
אָבֿער ווען דער ערשטער טאָג ראָש־השנה איז
ש□תּ — בּײַט מע□I ערא , אח□I ק□ע
י —
דעם סדר].

אה מועד, אה
← אוהל מועד, אוהל עראי, אוהל קבֿע.

אָהניק — וורר. ← אָגניק. [קינדער פֿלעגן אויך
אַרויסרעדן: האָניק; האָניק אויף די ליפּן.]
אה״ע — ר״ת פֿון: אַדון העולם, אַהבֿת עולם,
אומות העולם, אבֿן־העזר, אַחד־העם.
אַהע'ר — אַדוו. (אויך: הער. אַרכ.) ▯[î ▯d▯ ▯M

r▯h־1 .an. אָרט־בּאַטײַט; ווײַזט אויף דער
ריכטונג פֿון דעם אָרט וואו מע געפֿינט זיך צו
דעם אָרט וואו עס איז דאָ דער ריידער (אָדער
נעענטער צום ריידער, אָדער אויף אַן אָרט
וואָס מע ווײַזט אָן אויף אים, אָדער ווערט
פֿאַרשטאַנען וואו דאָס איז); (אָט)דאָ, אין דעם
פּונקט. ״איין פֿרעמדר דער גינעהנט אַהער דער
זאַל גיטוט ווערין״, נצ1, יבֿ/בּ. „ניין, ניט
דאָרטן, אַ', אָט דאָ, אין דעם ווינקל בּרענג צו
טראָגן...״ ״גאָט אַליין האָט אײַך געבּראַכט אַ'״.
„אַ, זײַט איר אָנגעקומען אַ קליינשטעטלדיקער
ייִדל, אָן אַ העלער״, ממוס, טאַקסע פֿון יענער
.״
זײַט שלאָף האָט [די שטים] אים גערופֿן אַ,
מיט איר חיהשן בּרומען״, אַש, תּהילים־ייִד.
„קום אַ', ייִנגעלע, נעענטער צו מיר״, פֿל [דאָ
קען אַהער בּאַטראַכט ווערן אויך ווי אַ

ווערבֿ]. בּ י ז אַ ה ע ר = בּיז אַ באַשטימטן
פּונקט וואָס איז נאָענט צום ריידער. דער וועג
בּיז אַ, איז אַ גרינגער. בּיז אַהער און ניט
(אַ טריט) ווײַטער! פֿ ו ן ד אָ ר ט ן בּ י ז
אַ ה ע ר. (פֿרגל מיט אַהין: אָפּט דער היפּך,
אויך אַ מין פּאַראַלעל, אָדער צוויי גאַנץ
פֿאַרשיידענע ריכטונגען פֿון איין אויסגאַנג־פּונקט).
2. צײַט־באַטײַט: מיט בּ י ז. בּיז אַהער = בּיז
איצט(ער). זיך געמאַטערט בּיז אַהער און וועט
זיך, חלילה, מאַטערן ווײַטער. „ער האָט נישט
גיקענט בּיז אַהער עפּיס דרוקן מכּמה טעמים“,
יפּ. „איך מוז אײַך זאָגן דעם אמת אַז איך האָבּ
בּיז אַ, אין דעם ניט געגלייבּט“, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט.

אַהער — דער. מצ נבּ. סובֿ פֿון אַדוו אַהער.
„וואו איז דאָס דער אַ, וואָס דו ווײַזסט
כּלומרשט אָן אויף אים?“ „דער אַ, איז שווער,
דער אָט־דאָרט איז ווײַט פֿון אָרט“, פֿוול.

אַהער — קאָנווערבּ (← אַהין, קאָנווערבּ). ווײַזט
אויף דער ריכטונג, ← אַהער, אַדוו, בּ1. בּלויז
אין געציילטע ווערבֿן, דאָך אָפֿטער ווי דער
קאָנווערבּ אַהין. אין לד זעלטענער ווי אין פּד

אין איצ און אימפּ לאָזט זיך ניט געפֿינען אַן אונטערשייד צווישן דעם קאָנווערבֿ און אַדוו אַהער: „קום אַהער, דו פֿילאָזאָף, מיט דײַן קעציש מוחל. קום אַהער צום רבֿינס טיש...“, פֿל.

אַהער — אַבסאָלוט, אָן פֿאַרבֿינדונג מיט אַ ווערבֿ. 1. אַהערגעבֿן, אַהערבֿרענגען אע. [אָפּטער ווי אַהין!]. „משה פֿאַרזוימט זיך אויפֿן בֿאַרג...אונדזערע ווײַבֿער האָבֿן צירונג — אַהער! וועט זײַן אַ גאָלדן קאַלבֿ“, פּרץ, 'שמאי ראָטמאַן'. 2. אַהערקומען, אַהערגיין, אע. „אַהער, דו יונגאָטש!“ „אַ'! אַ'! עס בֿרענט!“. [פֿאַרבֿײַט דעם אימפּ פֿון ווערבֿן מיטן קאָנווערבֿ אַהער.]

אַהער (און) אַהין — צונויפֿגעזעצטער אַדוו. דזוו אַהין (און) אַהער, בֿלויז די ריכטונגען ווערן געגעבֿן אין פֿאַרקערטן סדר. מיט די זעלבֿיקע אויסדרוקן און בֿבֿ. „קומט מען אַהיים, דאַרף מען זיך אומקוקן אַהער, אַהין“, טפּ, ייִדישער קאָלאָניסט. אַ ה ע ר אָ ד ע ר אַ ה י ן. „אין פּאָליטיק איז — אַהער אָדער אַהין“, שנ.

אַהער (און) אַהער — צונויפֿגעזעצטער אַדוו. אין צוויי ריכטונגען וואָס ווערט אָנגעוויזן אויף זיי; אין אַקעגנדיקע, פֿאַרשיידענע ריכטונגען

בכלל. „דאָס שטעלט אַוועק אַהער און דאָס ליגט אַוועק אַהער“. „זענען זיי געגאַנגען, דער רוצח און די בת־קיסר, דער אַהער און דער אַהער, זיי זאָלן זיך זוכן עפּעס עסן“, נחב, ,מעשׂה מבּערגיר והעני'.

אַהערבּלאָזן — בּלאָז אַהער, אַהערגעבּלאָזן. אוטוו — בּלאָזן אַהער. “לינדע ווינטן האָבּן אַהערגעבּלאָזן פֿון די תּבֿוּאה־פֿעלדער„, ייִט, פּוילן I. טרוו — מיט בּלאָזן בּרענגען נעענטעד, צו אַ בּאַשטימט אָרט. אַ, שטויבּ.

אַהערבּעטן — טרוו. בּעט אַהער, אַהערגעבּעטן. 1. בּעטן קומען פֿון אַ ווײַטערן אָרט אין אַן אָרט וואָס איז נעענטער אָדער געווי בּאַשטימט. אַ, די צוהערערס נעענטער צום לעקטאָר. 2. פֿאַרבּעטן צו זיך ווי אַ גאַסט

אַהערוואַרפֿן

(געוויינטלעך פֿון אַ ווײַטערן אָרט). אַ, די פֿרײַנד צו אַ גלעזעלע משקה, צו אַ לחיים. אַהערבּעטן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. כּמעט דזוו אַהינבּעטן זיך (←) [מיטן חילוק אַז דאָס קומען פֿון דעם וואָס פֿאַרבּעט זיך איז פֿוו אַ ווײַטערן פּונקט צו אַ נעענטערן]. „ווי קומט

ער אַהער? — וואָס זאָל איך טאָן? אַז יענער
האָט זיך אַהערגעבעטן‟.
אַהערבּרענגעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהערבּרענגען. „מע דאַרף
בּרענגען עטלעכע שטולן. איז וואָס גדויערט אַזוי
דאָס אַ'?„.
אַהערבּרענגען — טרוו. בּרענג אַהער,
אַהערגעבּרענגט (אויך: ~געבּראַכט). (צוריק)
טראָגן, בּרענגען צו אַ בּאַשטימטן (נעענטערן)
פּונקט. אַ, אַלץ וואָס מע האָט גענומען.
אַהערגאַנג — דער, ־גענג. אַקט פֿון
אַהערגיין. אַ שווערער אַ,.
אַהערגיין — אוטוו. גיי אַהער, בּין
אַהערגעגאַנ(ג)ען (אויך: ~געגאַן). 1. צוקומען,
צוגיין צו אַ בּאַשטימטן פּונקט, (נעענטער) צום
ריידער. „הערסט? זאָלסט מיר גלײַך אַ'„.
2. גיין אין דער אַלגעמיינער ריכטונג וואָס
ווערט אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען (היפּך פֿון
אַהינגיין) פֿריִער איז ער אַהינגעגאַנגען, איצט
.
וועט ער אַ'.
אַהערגעבּן — טרוו. גיבּ (געבּ) אַהער,
אַהערגעגעבּן. דערלאַנגען, געבּן אין האַנט אַרײַן;
צובּרענגען, צוטראָגן עפּעס. זאָלסט עס גלײַך

אַ,!

אַהערגעבעכץ, ־עניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהערגעבן.

אַהערגעלאַף — דער, ־ן. אויך: ~געלוי ;. אַקט פֿון אַהערלויפֿן. צונויפֿלויף צום אָרט (אָדער נאָענט צום) אָרט פֿון ריידער. אַ ווילדער אַ,.

אַהערדערלאַנגען — טרוו. דערלאַנג אַהער, אַהערדערלאַנגט. טראָגן און אָפּגעבן אין די הענט אַרײַן (פֿון ריידער אָדער עמעצן וואָס איז נאָענט צום ריידער). אַ, דאָס עסן.

אַהערדרייען — טרוו. דריי אַהער, אַהערגעדרייט. קערן, ווענדן אין אַן אָנגעוויזענער ריכטונג אָדער נעענטער צום ריידער. אַ, דעם וואָגן און אויסלאָדן אים.

אַהערדרייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהערדרייען. אַ'ן פֿון אַ ראָד.

אַהערהינקען — אוטוו. הינק אַהער, אַהערגעהינקט ~געהונקען. הינקענדיק צוקומען אָדער זיך דערנענטערן צו אַ באַשטימטן פּונקט וואָס איז נעענטער צום ריידער. אַ, אויף קוליעס.

אַהערוואַקסן — אוטוו. וואַקס אַהער; בין &

האָב אַהערגעוואָקסן, ~געוואַקסן. צעוואַקטן זיו
אין אַ ריכטונג וואָס ווערט אָנגעוויזן (נעענטער
צום ריידער). ,,זע ווי די צווײַגן פֿון בוים זענען
אהערגעוואַקסן און שטופּן זיך אַרײַן אין
פֿענצטער‘‘.

-

אַהערוואַרסן — טרוו. וואַרף אַהער,
אַהערגעוואָרפֿן. וואַרפֿן פֿאָרויס (אין אַן
אָנגעוויזענער ריכטונג) אָדער צוריק (נעענטער צום
ריידער). אַ, די פּילקע.

-

אַהערוואַרפֿעניש

-

אַהערוואַרסעניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אַהערוואַרפֿן. אַן אַ, און אָ
צוריקוואַרפֿעניש פֿון דער פּילקע פֿון
באַליידי—   ,
קונגען.
אַהערווײַזן — טרוו. ווײַז אַהער,
אַהערגעוויזן. 1. אַהערדערלאַנגען, אַהערגעבן. „ווײַז
אַהער אַ רובל! — שטעלט אויס זלמן שמיד
די האַנט“, אר, 'די אָרעמע קהילה'. 2. ווײַזן
פֿון דער נאָענט. אַ, די אַלטע מטבעות.
אַהערוועגס — אַדוו. אויפֿן וועג אַהער. סוב
— דער. ← אַהינוועגס.
אַהערטאָן — טרוו. טו, טוען אַהער;
אַהערגעטאָן (~געטין). במקום־ווערב פֿאַר אַ צאָל
ווערבן מיטן קאָנווערב אַהער: אַהערלייגן,
אַהערשטעלן אע. וואו אַ, דעם קאַמאָד?
אַהערטראָגן — טרוו. טראָג אַהער,
אַהערגעטראָגן. (צו)טראָגן צו אַ געוויסן (נעענטערן)
פּונקט. אַ, האָלץ צום אויוון.
אַהערטראָגעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהערטראָגן. אַן אַ, און אַן
אַהינטראָגעניש פֿון חפֿצים, פֿון פּליאָטקעס.
אַהערטרײַבן — טרוו. טרײַב אַהער,
אַהערגעטריבן. (צו)טרײַבן צו אַ געוויסן (
נעענטערן) פּונקט. אַ, די בהמות צו די שטאַלן.

אַהערטרייבעניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אַהערטרײַבן.

אַהערטרעטן — אוטוו. טרעט אַהער, אַהערגעטראָטן. צוקומען, צוטרעטן נעענטער אָדער דירעקט צום אָנגעוויזענעם אָרט. „דער בּדחן טוט אַ, אין צו די טישן פֿאַרבּעטן“.

אַהעריאָגן — טרוו. יאָג אַהער, אַהערגעיאָגט. (צו)יאָגן, (צו)טרײַבן נעענטער אָדער דירעקט צום אָנגעוויזענעם אָרט. אַ, דעם פֿוקס.

אַהער▯אָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך יאָגן, גיך לויפֿן צו אַ נעענטערן פּונקט. זיך אַהערגעיאָגט ווי ווילדע.

אַהעריאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהעריאָגן זיך. אַ טומלדיקע אַ, פֿון די ווײַסע־חבֿרהניקעס.

אַהערלויפֿן — אוטוו. לויף אַהער, בין אַהערגעלאָפֿן. 1. דזוו אַהינלויפֿן בּ1. 2. צולויפֿן. צויאָגן זיך.

אַהערלויפֿעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהערלויפֿן. אַן אַ, און אַן אַהינ־לויפֿעניש אָן אַ זינען.

אַהעדלייגן — טרוו. לייג אַהער, אַהערגעלייגט. אַוועקלייגן (צולייגן) צו אַ באַשטימט אָרט,

וואָס ווערט אָנגעוויזן. אַוועקלייגן נעענטער.
אַהערלייכטן — אוטוו. לײַכט אַהער,

אַהערגעלויכטן. פֿון דער ווײַט וואַרפֿן ליכט אויף אַ
פּונקט, אָרט וואָס איז אָט דאָ אָדער נאָענט.
פֿונווײַטנס האָט דער הר כּרמל אָנגעהויבן
„אַ, מיט זײַנע צעצונדענע פֿײַערן“, בּערלינסקי,
בּילדער און דערציילונגען.
אַהערמאַרשירן — אוטוו. מאַרשיר אַהער,
אַהער(גע)מאַרשירט. גיין אין גרופּע,
צושפּרײַזן, צושפּאַנען צו אַ בּאַשטימטן,
נעענטערן אָרט. אַ, צו דער שול.
אַהערנעמען — טרוו. נעם אַהער,
אַהערגענומען (~ גענעמען). 1. בּרענגען צו אַן אָרט
וואָס איז נאָענט צום ריידער אָדער איז דעם

ריידערס. אַהערבּרענגען. „עכּ,,פּ איז קיין דיעה
ניט כּלל וכלל דיך איין הער צו נעמין, קענשטו
דיך געדולדין בּיז צום זומיר“, פּראָגבּ, 4.
2. קריגן, נעמען פֿון ערגעצוואו און בּרענגען

צו זיך. אַ, עפּעס פֿון ערגעץ. „בּיגערן דיא זעלבּיגה לומדים צו לערנן ווען זיא ווישן וואו זיא פּרנסה בּיקומן אונ אַהער נעמען“, עיון, 1/58.

אַהערנעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

זיך אײַנגעפֿינען; געפֿינען זיך ערגעצוואו; אַהערקומען. „וואָס טוט זיו דאָ מיט מיר אַזוינס? פֿון וואַנען האָבּ איך פלוצלעם מיך אַהערגענומען?„, ממוס, קליאַטשע.

אַהערפּויזען — אוטוו. פּויזע אַהער, אַהערגעפּויזעט. קריכן, פּויזען צו אַן אָרט וואָס איז נעענטער צום ריידער אָדער איז דעם ריידערס. אַ, צו דער מאַמע(ן).

אַהערפֿאַלן —. אוטוו. פֿאַל אַהער, בּין אַהערגעפֿאַלן פֿאַלן אויף דעם אָרט וואו עס געז.

פֿינט זיך דער ריידער אָדער נעענטער צו אים, איידער די זאַך איז פֿריִער געווען. עטלעכע שטיינער זײַנען אויך אַהערגעפֿאַלן.

▯

אַהערסאָר — דער, ־ן. אַקט פֿון אַהערפֿאָרן. וועג מיט וועלכן מע פֿאָרט אַהער. דער אַ, ▯ יִווען אַ גאַנץ שווערער.
איז ג

אַהערסאָרן — אוטוו. פֿאָר אַהער, בין
אַהערגעפֿאָרן פֿאָרן פֿון אַ וויטערן אָרט צו אַן
.
אַנדער באַשטימט אָרט וואָס איז נעענטער צום
ריידער. די קינדער ווען אַ, אויף פסח.
אַהערפֿאָרע ן, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהערפֿאָרן.
אַהערפֿירן —. טרוו. פֿיר אַהער, אַהערגעפֿירט.
פֿירן פֿון אַ וויטערן אָרט צום ריידערס אָרט
אָדער נעענטער צו אים. אַ, די סחורה פֿון
אויסלאַנד.
אַהערפֿירעכ ן, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהערפֿירן. „עס הייבט זיך אָן
אַן אַ, פֿון די קלעצער וויל מע האָט
אויסגעהאַקט דעם וואַלד„.
אַהערפֿלאַטערן — אוטוו. פֿלאַטער אַהער,
אַהערגעפֿלאַטערט. באַוועגנדיק גיך מיט די
פֿליגלען און פֿליִענדיק ניט הויך אי :ער דער
ערד זיך דערנענטערן אָדער אָנקומען אַהער.
די פֿליגעלעך ווען אַ, צום פֿלאַם.
אהערפֿליסן — אוטוו פֿליס אַהער, האָב
— .
(בין) אַהערגעפֿלאָסן. פֿליסן נעענטער, אָדער

צום אָרט פֿון ריידער, אָדער בכלל צו אַ
באַשטימט אָרט. „אַז מע וועט אויפֿבויען די
דאַמבע, וועט דאָס וואַסער אַ,“.

אַהערפֿל□עכץ, ־עניש — דאָס (ד□), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהערפֿליִען.

אַהער□ל□ען — אוטוו. פֿלי פֿליִען אַהער;
,
בין אַהערגעפֿלויגן. (צו)פֿליִען צו אַ
באַשטימט אָרט; דערנענטערן זיך, אָנקומען
פֿליִענדיק. אַ, צום טויבנשלאַק.

אַהערצו — אַדוו. [צונויפֿשמעלץ פֿון אַהער+
צו]. 1. דזוו אַהער, דאָך מיטן בײַבאַטײַט:
אין ריכטונג צו דעם ריידער און □י.ט פּונקט
דאָרטן וואו עס איז דער ריידער. אָנקומען אַ,
מיטן באַן. „[אליהו □נבֿיא] קומט אַראָפּ אַ,

אַהערקומען

אויף אַ פֿײַער־וואָגן“, אַר, 'אָן אַ סוף'. „דער
קייזער פֿון דײַטשלאַנד אַליין האָט דעם גרײַז
אַ, געפֿאַנגען גענומען“, אַל, „מהר“ם
מרוטנבערג'. *ניט אַ, דערגאַנגען, ניט אַהין דערפֿאָרן
= גאָרניט דערגרייכט, הגם זיך געמיט, גע.

האַט אַמביציעס. 2. צו דעם ענין. פֿטמ.
„שפּעטער אַ ביסל וועלן מיר זיך אומקערן אַ,
און שמועסן וועגן דעם ענין באַריכות„.
אַהע'רצוועגס — אַדוו. פּד. אויפֿן וועג
אַהער. "האָבן מיר דאָ אַ, [אויף דער שיף]
געהאַט איינעם און ער האָט געפּרווּט מאַכן
פֿאַלשע שטיק", באַש, קונצנמאָכער פֿון לובלין.
אַהע'רצוצו — אַדוו. פֿטמ. דזוו אַהערצו,
נאָר עמפֿאַטישער. „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ משל
אַ,?", שע, ,דאָס טעפּל . „אַוודאי בין איך
דערויף אַרויסגעפֿאָרן פֿונעם טײַערו רוסנלאַנד,
פֿאַרברענט זאָל עס ווערן, אַ'", שע, 'מיסטער
בוים'. „אַז ער וויל אַ', וויל זי אַהינצוצו.
ס אַ זיס לעבן...וואו ער אַהינצוצו'ט און זי
,
אַהערצוצו'ט" [ווש לויטן דרומדיקן אַרויס .יד
מיטן אַהערצוציִען, אַהינצוציִען], א. י.
קדיזאָווסקי.
אַהערצ ען — טרוו. צי, ציִען אַהער;
אַהערגעצויגן. שלעפּן, ציִען פֿון אַ ווײַטערן אָרט
צום ריידערס אָרט, אָדער נעענטער צו אים,
אָדער בכלל צו אַ באַשטימטן אָרט. אַ, די
שטריק פֿון פּאַרקן ביז צום גאַניק.

אַהערצ◌עניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַהערציִען.
אַהערקום — דער, ־ען. אַקט פֿון
אַהערקומען. אָפּשטאַם. דער פֿײַערלעכער אַ, פֿון
די זיגערס. „עס לעבן נאָך אַלץ די אַמאָליקע
ייִדן פֿון אונדזער ערשטן אַ'„, יג, תּוך II.
פֿון אַ נידעריקן אַ'. אַ נחות־דרגאדיקער אַ'.
אַהערקומען — אוטון. קום, קומען אַהער;
בין אַהערגעקומען. 1. קומען פֿון אַ װײַטערן
אָרט צום אָרט פֿון רײדער, נעענטער צו אים
אָדער בכלל צו אַ באַשטימטן פּונקט. „כּלל וכלל
ניט מיגליך איז אַז דו קענשט איין הער קומין
מכמ, טעמי'", פּראָגב, 3. „קום אַהער, לאָמיך
דיך נאָך אויס פּרובֿין מיט ליסטיגקייט„, מס,
קהלת תּקע„ט, ב, 1. זאָל ער נאָר זיך דערוועגן
אַהערצוקומען! 2. אָנקומען. „אַז דער
שבּתקודש גייט אַהין, קומט די ליבע וואָך אַהער",
שוו. „ליבער הער גאָט, שרײַב מיך אָן מיט
מײַן מאַן און מײַנע קינדער צו דעם נײַעם
יאָר וואָס דאָ הערקומט צו לעבן און גזונד",
תּחנות ובֿקשות [איבערדרוק פֿון] דירנפֿורט
1798. „... ווען ער באַשטראָפֿט ווערן, ווען ער
וועט אַ, צו הערן דבֿרי אלקים חיים", תּניא.
3. אָפּשטאַמען, אַרויסשטאַמען. אַ, פֿון יחוס, פֿון

שפּלן שטאַנד. „איין למדן פֿון עמי הארצים
אָבֿר [= אָדער] איין עושר פֿון ארמי משפּחה
מער אַז איין למדן פֿוו משפּחת לומדים אָבֿר
אלז איין עושר דער פֿון לוטר עשירים
אַהערקומט„, עיון, 1/8. 4. פֿאַרלאָרן גיין, צערינען,
ניט ווערן. „דאש רובֿ לייט פֿר שטיאן קיין
דרשה, און, טואהן גאַר דר בּיי איין שלאָפֿן...,
וואו וויל זי דער שֿכר אַהער קומן„, עיון, י׳א.
„די ציגײַנערין האָט אים געזוכט, נישט

געאַהערקומעניש

וואוסט וואו ער איז אַהערגעקומען“, אָפּאַ,
אָליין.
אַהערקומעניש —. דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַהערקומען.
אַהערקוקן — אוטוו. קוק אַהער,
אַהערגעקוקט. קוקן אין דער בּאַשטימטער ריכטונג:
אַהערצו. „עס דאַכט זיך אים אַז זי האָט
אַהערגעקוקט“.
אַהערקײַקלען — טרוו. קײַקל אַהער,
אַהערי
געקײַקלט. (צו)קײַקלען אין דער ריכטונג

צו (אָדער נעענטער צו) אַ באַשטימטן אָרט.
אַ, די פּעסלעך.

אַ□ערקלעטערן — אוטוו. קלעטער אַהער, אַהערגעקלעטערט. אַרויפֿקומען, דערנעענטערן זיך קלעטערנדיק צום באַשטימטן פּונקט. אַ, צו אונדז איבער די שפּיציקע שטיינער.

אַהערקערן — טרוו. קער אַהער, אַהערגעקערט. בײַם פֿאַרקערן (אַ שטוב) צוברענגען (דאָס מיסט) צום באַשטימטן פּונקט. אַ, די ברעקלעך צום זילבערנעם טעצל.

אַהערקערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דרייען זיך, קערן זיך, ווענדן זיך צום ריידער אָדער צו אַן אָנגעוויזענעם פּונקט. „ווענסט זיך אַ, — וועל איך דערזען דײַן ליכטיקן פּנים“.

אַהערקריכן — אוטוו. קריך אַהער, בין (האָב) אַהערגעקראָכן (אויך: ~געקריכן). (צו)־קריכן צו אַ באַשטימטן אָרט; אָנקומען, דערנעענטערן זיך קריכנדיק. אַ, פֿון ווינקל.

אַהערקריכעניש — דאָס (ד□), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהערקריכן. אַזאַ פּאַמעלעכע אַ!

אַהעררודערן — רודער אַהער, אַהערגערודערט. או□וו — (דער)פֿאָרן מיט אַ רודערשיפֿל צום אָנגעוויזענעם אָרט. אַ, צום ברעג,

צום אינדזעלע. טרוו — פֿירן מיט רודערס
א שיפֿל אַהער(צו).

אַהעררופֿן — טרוו. רוף אַהער, אַהערגערופֿן.
(צו)רופֿן צו אַן אָנגעוויזענעם, באַשטימטן אָרט.
רופֿן אַהערצו, צום ריידער. אַ, די קינדער און
אָרגאַניזירן אַ שפּיל.

אַהעררוקן — טרוו. רוק אַהער, אַהערגערוקט.
(צו)רוקן נעענטער אָדער פּונקט צום אָרט
וואָס ווערט אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען. אַ,
די שטולן, עס זאָל זײַן גרינגער צו הערן.

אַהעררייטן — אוטוו. רײַט אָהער, בין (האָכ
.

אַהערגעריטן. אָנקומען, דערנענטערן זיך
רײַטנדיק; צורײַטן צום אָנגעוויזענעם אָדער
באַשטימטן אָרט. „מיר וועלן זען זיי אַ, צו
אונדז"*

אַהעררינען — אוטוו. רין אַהער,
אַהערגערונען. רינען נעענטער אָדער פּונקט צום
אָרט, וואָס ווערט אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען.
דאָס וואַסער קען אַ, און קאַליע מאַכן...

אַהערשאַרן — טרוו. שאַר אַהער,
אַהערגעשאַרט. (צו)שאַרן, (צו)רוקן נעענטער אָדער
פּונקט צום אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן אָדער
פֿאַרשטאַנען. אַ, דאָס זאַמד.

אָהערשווימען — אוטוו. שווים אַהער, בין (האָב) אַהערגעשוואומען. (צו)שווימען נעענטער אָדער פונקט צום אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען. ״שווימט ניט אַוועק, איר זאָלט גלײַך אַ'!״.

5

אַהערשוועבן — אוטוו. שוועב אַהער, אַהערגעשוועבט. שוועבן פֿליִען נעענטער אָדער

,

פונקט צום אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען. דער עראָפּלאַן וועט באַלד אַ,.
אַהערשטויסן — טרוו. שטויס אַהער, אַהערגעשטויסן. (צו)שטויסן, (צו)שטופּן נעענטער אָדער פונקט צום אָרט. אַ, אַ באַלעם סחורה.
אַהערשטופּן — טרוו. שטופּ אַהער, אַהערגעשטופּט. (צו)שטופּן, (צו)שטויסן נעענטער אָדער פונקט צום אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן. אַ, דעם יונג וואָס וויל אַליין ניט אָהערקומען.
אַהערשטופּעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַהערשטופּן.
אַהערשטײַגן — אוטוו. שטײַג אַהער, אַהערגעשטיגן. אַהערקומען גייענדיק אויף אַרויף,

קלעטערנדיק אַרויפֿצו. אַ, פֿון אונטערן באַרג.
אַהערשטעלן — טרוו. שטעל אַהער,
אַהערגעשטעלט. (אַוועק)שטעלן נעענטער אָדער
פּונקט אויפֿן אָרט וואָס ווערט אָנגעוויזן.
אַהינשטעלן. אַ, די פּאָליצע. אַ אַ טאָג (
גאַלי. ,
ציע) = אָנמאַכן אַ טומל, אַ מחלוקת.
אַהערשטעקן —־ טרוו. שטעק אַהער,
אַהערגעשטעקט. אַרײַנשטעקן אין אַן אָרט וואָס
ווערט גענוי אָנגעוויזן. אַ, אָט דאָ אין לאָך.
אַהערשטראָמען — אוטוו. שטראָם אַהער,
אַהערגעשטראָמט. 1. גיסן זיך פֿליסן מיט
,
אַ שטראָם אין אַ ריכטונג וואָס איז נעענטער
צו אַ באַשטימטן פּונקט. מאַכן דאָס וואַסער
אַ, צו אונדזערע פֿעלדער. 2. אין אַ מאַסע
גיין צו אַ באַשטימטן אָרט וואָס איז נעענטער.
,,דער עולם נעמט אַ, ווײַל די פֿאַרזאַמלונג
הייבט זיך באַלד אָן“.
אַהערשיבן — טרוו. שיב אַהער,
אַהערגעשיבט. פּד. אַהעררוקן. אַ, דעם טאָפּ.
אַהערשיטן — טרוו. שיט אַהער, אָהערגעשאָטן
(פּד: ~געשיט). שיטן, אַוועקשיטן אויף אַ
באַשטימטן אָרט (נעענטער ווי פֿריִער). אַ,

זשוויר און זאַמד.
אַהערשיינען — אוטוו. שײַן אַהער,
אַהער־.
געשײַנט. שײַנען, אַרויסגעבן ליכט, פֿון אַ
ווײַטערן פּונקט אין אַ געגעבענער ריכטונג
צו אַ פּונקט וואָס איז נעענטער. באַלד וועט
דער רעפֿלעקטאָר אַ'.
אַהערשיסן — אוטוו. שיס אַהער,
אַהערגעשאָסן. שיסן אין אַ ריכטונג וואָס איז
נעענטער אָדער פּונקט דאָרטן וואָס ווערט
אָנגעוויזן אָדער פֿאַרשטאַנען. דער שׂונא האָט ניט
געטראָפֿן, אָבער ער וועט זיכער באַלד אַ..
אַהערשיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַהערשיקן. די אַ, איז געווען
אומגעריכט.
אַהערשיקן — טרוו. שיק אַהער, אַהערגעשיקט.
שיקן אין אַ באַשטימטער ריכטונג, צו אַן אָרט
וואָס איז נעענטער. אַהינשיקן. אַ, שטאַפֿעטן
צו די האַרן פֿון דער מדינה.
אַהערשיקע􏰀ן, ־עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַהערשיקן.
אַהערשלײַכן (זיך) — אוטוו. שלײַך (זיך)
אָהער, (זיך) אַהערגעשלײַכט. שטילערהייט,
אומבאַמערקט אַהערקומען. אַ, צום מויער אין

מיטן נאַכט.

אַהרנס שטעקן

אַהערשלעפּן — טרוו. שלעפּ אַהער,
אַהערגעשלעפּט. שלעפּן אין אַ באַשטימטער ריכטונג,
שלעפּן נעענטער. ,,וואָס ווּעסטו דעם אַלטן אַ,
צו אונדז, לאָמיר בעס□ר אַהינגיין צו אים“.
אַהערשלעפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַהערשלעפּן.
אַהערשפּאַנען — אוטוו. שפּאַן אַהער,
אַהערגעשפּאַנט. אַהערגיין, אַהערקומען מיט
גרויסע (גיכע) טריט. אַ, ווי אַ ראָטע זעלנערס.
אַהערשפּיצן זיך — אוטוו. שפּיץ זיך אַהער,
זיך אַהערגעשפּיצט. נעאָל. זיך ווײַזן מיט אַ
שפּיץ; זיך אַרויסהייבן פֿאַר די אויגן מיט אַ
שפּיץ פֿון צפֿון־זײַט האָט זיך אַהערגעשפּיצט

. ,,
קיין קרית־שמואל דער הר הכּרמל“, ש.
בערלינטקי, בילדער און סקיצן.
אַהערשפּרייזן — אוטוו. שפּרײַז אַהער,

אַהערגעשפּרײַזט. אַהערגיין, אַהערקומען מיט
גרויסע טריט. אַהערשפּאַנען. אַ, אויף שטאָלצן.

אַהערשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אַהער, אַהערגעשפּרונגען. (צו)שפּרינגען נעענטער צו אַ באַשטימטן אָרט. אַ, אויף איין פּיסל.

אה״ק — ר״ת פֿון: ארץ הקדושה, ארצנו הקדושה.

אה"ר — ר״ת פֿון: אָדם הראשון, אָבֿ הרחמים, אַהבֿה רבּה.

אַהרן — [אַ'(אַ)רן] 1. משה רבּינוס עלטערער בּרודער. „און ער [גאָט] האָט געזאָגט: איז ניט פֿאַראַן אַ, דײַן בּרודער...‟, תּי, שמות, ד, 14. ← אַהרן הכּהן. 2. מאַנצבּילשער נאָמען, פֿאַרשפּרייט בּײַ אַשכּנזים און ספֿרדים. פֿון אַהרן: אַרקע, אָרקע, (פּד: אורקע), אַרעלע, אַרטשיק אאַ; סל: אַראָן, אַראָנטשיק; פֿאַמיליע־נעמען: אַר(אָ)נסאָן, אַראָנאָוויטש, אַראָנאָווסקי אאָ.

אַהרן הכּהן — [אַ'(אַ)רן (אַהאַ'רן) האַקוי,(ה)ען] < שמות, לא, 10 אאַ. אַהרן דער כּהן. [ווען עס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער משכּן (אוהל־מועד) זײַנען אַהרן און זײַנע זין געהייליקט געוואָרן צו זײַן די כּהנים (שמות, כח). אַ, ה, איז געווען דער עלטסטער צווישן די כּהנים און דער ערשטער כּהן־גדול.] „איך האָבּ מיך געפֿרייט מיט אַ, ה, וואָס ער האָט אָנגעקליידט דעם אפֿוד און דעם חושן המשפּט‟,

מלרה. ,,זעקס מענטשן האָבן דעם מלאך המות
ניט געזען: אַבֿרהם אָבֿינו, יצחק, יעקבֿ, משה
רבּינו, אַ, ה', מרים,,, בּרך אבֿרהס'...שיינע
מע▯tזיות..., לובּלין, 1885. [גרונט־שטריכן פֿון
אַ, ה, על־פּי תּל: אוהבֿ־שלום, רודף־שלום,
ליבּשאַפֿט צו מענטשן און דערנענטערן זיי צו
תּורה — אָבֿות, א, יבּ].

אַהרנס שטעקן — דער. מצ נבּ. 1. (
בּאָטאַניק) פֿאָלקסטימלעכער
▯ ▯, ▯. נאָמען פֿאַר געוויקס מיט
אַ דינעם, הויכן אָבּער
סאָלידן שטאַם. ווערט
געפֿלאַנצט ווי אַן
אָפּצוימונג פֿאַר לאָנקעס און
בּײַ די זײַטן פֿון בּרייטע
שליאַכן. אַריבּערגעבּראַכט
פֿון מערבֿ־אייראָפּע קיין
צפֿון־אַמעריקע אַרום
אָנהייבּ 19. יה, איז אַ, ש,

או

גאָר גיך פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבּערן גאַנצן
קאָנטינענט. Arum macu1atum. 2 .(

אַרכיטעקטור) אָרנאַמענטישער שטאַנג,
אַרומגעוויקלט מיטן אָפּבּילד פֿון אַ שלאַנג.
או — אויסרופֿוואָרט. 1. דריקט אויס עקל,
ווידערווילן, געפֿיל פֿון אָפּקערן זיך, ניט ווען
האָבן קיין שייכות צו דעם. „או! אַזאַ
פּאַרשוין! איך וויל ניט שטיין אין זײַנע דלד אַמות!“
*או זאָל עס זײַן (ווערן) = טפֿו זאָל עס זײַן
(ווערן). 2. דריקט אויס ווייטיק. „או! עס
טוט וויי! ריר עס ניט אָן!“.
א״וא, או״א — ר״ת פֿון: אָבֿ ואם, אָבֿי ואמי,
איש ואיש, אָמן ואָמן.
אובּאַוועען — טרוו. ־ווע, אובּאַוועט. רוסיצ.
פֿאַרקלענערן פֿאַרמינערן. „...מע האָט מיר

,
א'עט די זשאַלאָוואַניע פֿון 60 אויף 50 רובל...“,
ייִפֿאָל, 25 1887, No.
אובּאַווקע — די ־ס. רוסיצ. פֿאַרקלענערונג,
פֿאַרמינערונג אַראָפּלאָז פֿון פּרײַז, שׂכירות אע.
.

“דער פּאָדראַטשיק נעמט אַן א', און די
אַרעסטאַנטן עסן ווערלווער קאַשע“, דלוגאַטש,
וועלט־מסורה, וואַרשע 1881.
אובּאָ'ראָטשנע — די. מצ נבֿ. סאַוו. < רוס.

אובאָראָטשנע קאַמפּאַניע. געזעלשאַפֿטלעכע
אַקציע בײַם העלפֿן אַראָפּנעמען די גערעטעניש.
„סוף זומער איז אַ שול־בריגאַדע אָפּגעפֿאָרן
אויף דער א'“.

אובאָרנע — די, ־ס. < רוס. אָפּטרעט, ביתהכּסא. גיין, זײַן אין א'. „שוועסטער, דאָרטן אין א, הענגט זיך אַ מענטש“, ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.

אובאָרקע 1 — די, ־ס. < רוס. אויך: אָבאָרקע. 1. פֿאַלד אויף אַ קליידל, פֿאַרטעך אע. “אפֿשר טראָגט מען שוין הײַנט קליידער מיט גרויסע א'ס“, ייִפֿאָל, No ,l888 1, בײַלאַגע. „אַ ציצן קליידל מיט א'לעך“, שע. „איך גיי אַ קליידל מיט א'ס און די שיכלעך מיט אַ גלאַנץ“, פֿל. 2. שטריק אָדער שנור(עוואַדלעס) פֿון לאַפּטשעס וואָס מע בינדט אַרום די אָנעטשעס אויף די פֿיס.

אובאָרקע 11 — די, ־ס. < רוס. סל. 1. דאָס אויפֿרוימען (צימערן). 2. דאָס אַראָפּנעמען תּבֿואה, שניט פֿון אַ פֿעלד.

אובאָרשטשיק — דער, ־עס. ווּ ־שטשיצע, ־ס. < רוס. סל. אויפֿראַמער, אויפֿרוימער. „ווען וועט שוין קומען די אובאָרשטשיצע? הײַנט אָוונט האָבן מיר געסט און דאָס הויז איז ניט

אויפֿגערוימט“.

אובּ אָר — דער, ־ן. < פּויל. 1. אָנצוג,

י

גאַרדעראָבֿ. „אין אַ טאָג דרײַ אַרום האָט דער שנײַדער אָפּגעבראַכט אים דעם א'„, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט. 2. געשפּאַן. „אויפֿן פֿערד איז געווען אַן א, מיט מעשענע בּליאַכעס„.

אובּיטעק — דער, ־טקעס. < רוס. סל. היזק, אָנווער. „בּכן זאָל מען אונדז טאַקע בּאַלד אומקערן גאָר אַ גרויסע סומע געלט מיט אַלע אונדזערע אובּיטקעס נעבּעך“, ממוס, טאַקסע.

אובּיקאַציע — די, ־ס. פּד. < פּויל. אָפּטרעט, בּית־הכּסא. „...אַ קיך אין וועלכער עס וואוינען דרײַ פּערזאָן, אַ קיך וואו קיין

לייטונג איז נישטאָ, קיין א, נישטאָ...“, י. ראַפּאַפּאַרט, היימיש, 6 1958, No.

אובּיקוויטעט — די. מצ נבּ. אימאַזשינערע פֿעאיקייט צו זײַן אומעטום אין דער זעלבּיקער צײַט. בּאַשאָנקען מיט א'.

אובּיקוויסט — דער, ־ן. בּעל־חי אָדער גערוויקס וואָס מע טרעפֿט אָן אין אַלע וועלט־טיילן. אַדי: ־קוויטיש.

אובּיקירן — טרוו. ־קיר, אובּיקירט. > שפּאַ. אײַנשטעלן, אײַנמאָסטען אויף אַ בּאַשטימט אָרט. „ס'איז אַ קליינע דירה, נאָר דאָס מעבּל האָט מען גוט אובּיקירט". מיט ז י ך = זיך געפֿינען אויף אַ בּאַשטימט אָרט.

אובּנטויאר — [אַרויסגערעדט מסתּמא: אָבּנטויער] דאָס? אַרכ. אויסערגעווי􏰀נטלעכע פּאַסירונג, ווענטורע, אַוואַנטורע. „אישט עש דיין ווילן איך ווייש דיך גרושי זיך / דש דו מגשט ווישן מענכי אובּנ טויאר / די דו ניט הושט גיזעהן וועדר ווער נוך הווייאר", כּ"י פֿון אויגט.. בּורג', 1543 נײַבל 4􏰀3 ,XIII]. ־Mhd: âven .tiur(e) ← אַווענטורע.

אובּנטויאריש — [אַרויסגערעדט מסתּמא: אָ' בּנטויעריש] אַרכ. אַוואַנטוריש, וואָס האָט אַ שײַכות צו אַן אובּנטויאר←. „זיא רידט מענכן גוטן שוואנק פֿון אייטל אובּן טויארישן זאַכן", בּבֿא־בּוך, 142.

אובּעזשדעניע — די, ־ס. רוסיצ. פֿעסטע מיינונג. „מיר קענען דאָך ניט [צווינגען]...אים צו בּלײַבּן בּײַ זײַנע אַלטע א'ס", קמ, 1869,

.No 17

אובּראַניע — די, ־ס. < פּויל. גאַרניטער, אויסשטאַטונג. „עץ עט זען, אַז כ'וועל די א, וואָס ער גייט אויף זיך אויך אַראָפּגנבֿענען„, פּֿמ, [בּײַ אונז יודען]. „עוג מלך הבּשן איז אַמאָל געקומען צו אַ דאַר שנײַדערל זיך בּאַשטעלן אַן א'" פּֿמ.

,

אובֿ —, [אויוו] נאָר אין פֿאַרבּינדונג מיט בּע ל־, בּעלת־ אָדער מיט: כּישוף פֿון. זען שמואל א, כח, 9. (אַרויסרופֿער פֿון) גײַסט פֿון געשטאָרבּענעם, וואָס קומט אַרויף דורך כּישוף און אַנטפּלעקט דאָס פֿאַרהוילענע אָדער זאָגט פֿאָרויס וואָס וועט זײַן. „דערנאָך האָט אונקלוס אויפֿגעבּראַכט צו בּלעם מיט דעם כּישוף פֿון א, און האָט אים געפֿרעגט: ווער איז חשובֿ אויף יענער־וועלט? האָט אים בּלעם געענטפֿערט: די ישׂראל„, מהמ, ווילנע, תּרס"ז.

-

אובֿד — [אוי'וועד] דער. מצ נבֿ. תּנ. (בּײַ קאָרטנשפּיל) פֿאַרלירער. „הײַנט אַן א', מאָרגן אַן עבֿד. — צו וואָס אַן עבֿד — צו קנאָרטן",

ווערטל.

אובֿד־השבּון — [אוי'וועד־כעזשבּן] דער.

אובֿדי־... [אויוודיי־]. < בּמדבּר, כא, 30: ,אָבֿד חשבּון, [מיט אַן אַנדער בּ. פֿאַרלאָרן איז די

.

שטאָט חשבּון]. (סוחריש). ווער עס איז אַ שלעכטער בּעל־חשבּון. ,,אַן א,־ח, פֿאַרלירט די הויזן".

-

אובֿד־עצות — [אוי'וועד־איי'צעס] דער,

אובֿדי־... [אַויוודיי־]. תּח. < דבֿרים, לבּ, 28.

1. ווער עס איז אָן בּאַראָט; ווער עס קען זיך ניט געבּן קיין עצה. פֿאַרלוירענער, צעטומלטער. ,,איך בּין אַן א'־ע', איך ווייס ניט ווי צו סילוקן

אוגאַדיטיש

דעם נדן". 2. (שפּאַסיק) ווער עס הערט זיך ניט צו צו אַן עצה. ,,בּיסט דאָו אַן א'־ע', איך האָבּ דיר דאָך שוין געזאָגט וואָס צו טאָן. וואָס זשע האָרכסטו ניט?".

אובֿות און ידעונים — [אוי'וועס, ייִדוי'נים]

פֿראַזע. < ויקרא, כ, 6 אאַ; שמואל א, כח, 3
▯ אַ. 'גײַסט־זעערס און טויטן־בּאָשווערערס'.
אָראַקלען, פֿאָרויסזאָגערס פֿון צוקונפֿט. זיך
פֿאַרלאָזן אויף א, א, י'. „אָבער דער 'עם תּועי
לבבֿ, האָט געפֿאָרשט די א, א, י'“,
אַמעריקאַנער, 10 1959 ▯I.
אוכ(י)ן — גנ. אַרכ. דזוו אָפֿען, בּודאַפּעשט.
„איין שין נייא ליד פֿון אובֿן...וואַש זיך צו
ק״ק אובֿין האָט פֿר לויפֿו טאָן“, פּראָג, תּמ״ח.
אוגאָדיען, ־דזיען — טרוו. אוגאָדיע, ־ד(ז)יעI
אוגאָד(ז)יעט. < וור. סל. 1. טאָן וואָס יענעם
איז צום האַרצן, איז געפֿעליק אָדער גייטיק. א,
מיט כּל־טובֿ. 2. טרעפֿן אין ציל.
אוגאָדע — די, ־ס. פּד. < פּויל. 1. טובֿה,
לאַסקע. „מיר זײַנען קעגן א'ס. מיר זײַנען
פֿאַר ועכט וואָס מע קעמפֿט אויס“. 2. אָפּמאַך,
קאָנטראַקט. 3. אָפּמאַך צווישן דעם קלובּ פֿון
די ייִדישע דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים מיט
דער פּוילישער רעגירונג אין די צוואַנציקער
יאָרן 20. יה [פֿאַר אויפֿגעבן זייער אָפּאָזיציע
האָט די רעגירונג צוגעזאָגט די דעפּוטאַטן
נאָכצוקומען געוויסע ייִדישע פֿאָדערונגען].
אוגאָטשאַ — גנ. פּראָווינץ אין
קאַרפּאַטןרוסלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקײַ, פֿריִער אונגערן.

אויך: אַגוטשאַ. [10 000 — 1930 ייִדן I

אדגאָל — דער, ־ן. רוסיצ. 1. ווינקל. (געאָמעטריע) אַן א, פֿון 90 גראַד. אַוועקשטעלן אין א, אַ שילער וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיקט. 2. ראָג פֿון גאַס. „בײַ דעם ערשטן א, האָט זי זיך גענומען גיין צום בולוואַר“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

אוגאָלאָווניק — דער, ־עס. ווּנ ־ניצע, ־ס. < רוס. קרימינעלער פֿאַרבּרעכער. „אין דער צעל זיצן סאַמע א'עס: רויבער, גנבֿים, מאַרעוויכערס“.

אוגאָלאָוונע — אַדי. < רוס. קרימינעל. א, מעשׂים, א'ר אַרעסטאַנט.

אוגאָלאָווטשינע — די. מצ נבּ. רוסיצ. 1. קרימינעלער פֿאַרבּרעך, פֿאַרבּרעכערישקייט. 2. געזעמל פֿון קרימינעלע פֿאַרבּרעכערס.

אוגאָלאָווטשיק — דער, ־עס. ווּנ ־ שטשיצע, ־ס. רוסיצ. דזוו אוגאָלאָווניק.

אוגאַנדע — גנ. בּריטישער פּראָטעקטאָראַט אין מזרח־אַפֿריקע. [אין די יאָרן 1903־06 איז געווען אַ פּראָיעקט צו שאַפֿן אין א, אַ ייִדישע טעריטאָריע אויף אויטאָנאָמע יסודות. דר, הערצל האָט געשטיצט דעם פּלאַן. אויך שפּעטער האָבן טעריטאָריאַליסטן געשטיצט דעם

א׳־פּראָיעקט.]
אוגאַריטיש — דאָס. לשון פֿון
אײַנוואוינערס פֿון דער אוראַלטער שטאָט א ו ג אַ ר י ט ,
אין צפֿון־סיריע. [לשון אויף ליימענע טאָוולען, אויסגעגראָבן אין דרײַסיקער יאָרן 20. יה. א, איז אַ סעמיטיש לשון, נאָענט צו כּנעניש; געהערט צו דער זעלבּיקער גרופּע וואָס הע . רעאיש. די טאָוולען, געשריבּן מיט

פֿלעקלאוגאַריטש

ריפֿט, אַנטפּלעקן אַן אַנטוויקלטע קולטור, אַ מיטאָלאָגיע און אַ פֿערזן־קונסט, וואָס זײַנען נוציק בײַם פֿאָרשן דעם תּנך און בכלל די קולטור־געשיכטע פֿון סעמיטן] אַדי — דז. א׳ע טעפּ; א׳ע צירונגען.
אוגאַריטש — גנ. שטעטל אין באָברויסקער אויעזד, ווײַסרוסלאַנד, מינסקער גובּ., 1897 — 3,13 ייִדן צווישן 3,880 אײַנוו.,
אוגאָשטשאַיען — טרוו. ־אַיע,
אוגאָשטשאַיעט. רוסיצ. שטעלן כּיבּוד, טראַקטימעגטן. ,,
צולעצט האָט מען די קאַמענשטשיקעס

אוגאָשטשאַיעט מיט ברויט און וויַין“, קמ, 1863,
No 22.

אוגאָשטשעניע — די, ־ס. רוסיצ. כּיבּוד;
דאָס וואָס מע גיט אַ גאַסט צו געניסן. „...חוץ
מתּנות און א'ס פֿאַר זיַין פֿאַלשער הבֿטחה, אַז
ער וועט פּועלן...“, ייִל, פּוילישע ייִנגל.

אוגליעקאָ'פּ — דער, ־ן (־עס). רוסיצ.
קוילנגרעבער, ־האַקער (אין סאָוו ייִדיש).

אוגן — [אוגן, אויגן] אצ, מצ. תּח. זן. < חולין,
כה/א, ב; חגיגה, כב/ב. ראַנד(ן) פֿון אַ כּלי.
פֿול איבער די א'.

אוגער — דער. מצ נב. < איי < גר. אויך:
אוקער, אוקרע, אוגרע. געלער
איַיזןאָקסיד וואָס ווערט געניצט ווי אַ פּיגמענט
ביַים פֿאַרבן; גיט צו געלבלעכן, העל־געלן
קאָליר. „און פֿון וויַיטן די זאַנגענע דיונעס
נעמען אינדלען אין פֿיַיכטלעכן אוגער“, סוצ,
וואַלדיקס.

או'געריק, ־ראָק — דער, ־קעס. סל. דזוו
אוגערקע. „...ליב געהאַט דעם טרונק און
פֿאַרביַיסן מיט אַ זויערן א,“, שע, 'קבֿר אָבֿות'.
„און אַ גרינעם א, — זעט מען שוין זיַין
קומען, ווי ער ריַיפֿט און ציַיטיקט — אַזש
דאָס אויג פֿאַרנומען“, אַר, אַ נאָך־פּסח־

□ □

טי□ו'.

או'גערקע — די, ־ס. < פּויל, אוק. og□rek.
זייער פֿאַרשפּרייטער מין גאָרטנוואַרג, פֿון
קירבעס־משפּחה, מיט קריכיקן גראָזיקן שטאַם,
געלע בלומען, ברייטע בלעטער און מיט אַ
לאַנגער צילינדרישער פֿרוכט וואָס איז זאַפֿטיק
און שפּײַזיק, געוויינטלעך פֿול מיט זאָמען.
(□ucu1nis sativus). די פֿרוכט וואָס מען עסט
איידער עס ווערט אינגאַנצן צײַטיק; גרין
אָדער גרינלעך; ליגט אויף דער ערד. *ער □יז
נאָך אַ גרינע א, = ניט צײַטיק, ניט
דערוואַקסן גײַסטיק, אָן דערפֿאַרונג. גרין וו אַן
י
א', פֿריש ווי אַן א'. *ער (זי) איז אַ גרינע
א, = אָן פֿאַרב אין פּנים, מיאוס. *האָט די
ווערדע (דעם ווערט) ווי אַן א, אין קיידאַן
[וואו ייִדן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט
גערטעניררעי, דערעיקר מיט האָדעווען א'ס] = האָט
ניט קיין שום ווערט. „א'ס און קירבעס איז

ניט כּלאים“, זרעים, לו/1. „...קריכ צווישן
די בּייטן רײַסן ציבּעלעס, רעטעך, א ס“,
ממוס, שלמה. ג ע ז אַ ל צ ע נ ע, ז ו י ע ר ע,
ג ע ז ײַ ע ר ט ע א, = אײַנגעלייגט אין
זאַלצוואַסער, מיט (או)קראָפּ, געווירצן.
האַלבּזויערע א', איבּערגעזײַערטע א.. זויער ווי אַן
א.. אַ זויערע א, = אַ מענטש מיט אַן
אומ.
פֿרײַנדלעך פֿאַרקרימט פּנים. אָנגעפּאַקט,

אַנ1

געפּראָפּט ווי א'ס אין אַ פֿאַס (פֿעסל, טון) =
זייער ענג. „אַז איינר דר דא אויש דרוקט
זויאר קרויט, קומפּט גיזאלצני אוגרקיז —
זעלכי זאַכן איז מותּר„, לט1, 2/75. *אַ קול
פֿון אַ זויערע(ר) א, = ניט קיין אָנגענעם קול.
כּל־נדרי־א, = וואָס וואַקסט אַרויס ערשט אין
האַדבּסט.
אוגערקע־גראָז — דאָס, ־ן. געוויקס פֿון
בּוריקעס־משפּחה מיט גרויסע בּלויע בּלומען.
שטענגל און בּלומען האָבּן דעם ריח און דעם
טעם פֿון אוגערקעס. Borrago o na1is.

אוגערקע־גרינס — דאָס. 1. גרעזל וואָס וואַקסט אַרויס פֿון אַן אוגערקע־קערנדל און ווערט פֿאַרזעצט (אין בייט), עס זאָלן אויסוואַקסן אוגערקעס. אויך: א,־גראָז. 2. (או)־קראָפּ; גאָרטנגרינס וואָס ווערט גענוצט ווי געווירץ צו שפּײַזן, ספּעצ בײַם זײַערן אוגערקעס. געהערט צו די שירעם־בלומיקע. Anethum graveolens.

אוגערקע־נאָז — די (דער), ־געז(ער). אַ נאָז ווי אַן אוגערקע, אַ גרויסע פֿליישיקע נאָז (באַדעקט מיט פּרישטשיקלעך).

אוגערקע(ס)־יויך — די. דאָס געזאַלצענע און געווירצטע וואַסער, וואו עס האָבן זיך געזײַערט (זײַערן זיך) אוגערקעס; זאַפֿט וואָס ווערט אַרויסגעקוועטשט פֿון שטאַרק איבערגעזײַערטע אוגערקעס. „א'־י, [מאַכט מען אַ ברבה]
שהכל“, ברכות מנחם, קעניגסבערג, תרי“ח. אויך: א'־ראָסל.

אוגראָזיסק — דער. סאָוו. קירצונג פֿון אוגאָלאָווני ראָזיסק. מלוכה־אָרגאַן וואָס זוכט קרימינעלע פֿאַרברעכערס. „אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון א'“.

אוגריש — אַדי. מאַד אַריש, נאָר וועגן שפּראַכן.

י

די פֿינאָ־א'ע (אוגראָ־פֿינישע) שפּראַכן.

אוגרע — די, ־ס. < רוס. פֿעטס־ אָדער אייטער־בּערגעלע. אַ פּרישטש אויף דער הויט, אויפֿן פּנים, בּרוסט (און) פּלייצע.

אוגרע — די, ־ס. סל. פֿיש וואָס איז ענלעך צו אַ שלאַנג, אָן שופּן □און אָן פֿלוספֿעדערן, מיט גליטשיקער הויט. [טריף] Muraena anguilla.

אוגרעוואַטע — אדי. < רוס. בּאַפּרישטשעט; וואָס האָט אַ סך אוגרעס (←). „איינער פֿון ארנדז, אַ רוס...מיט אַ לאַנגער א'ר נאָז ווי בּײַ אַ הונט אַ וואָלקאָדאַוו“, בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I.

אודאָבנע — אַדי. סל. < רוס. 1. בּאַקוועם. א'ר צימער. עט איז ניט א, געווען צו דערמאָנען. 2. טויגעוודיק. די ערד איז א, פֿאַר אַ גאָרטן.

אודאַ'וו — דער, ־ן. < רוס. בּאָאַ, גרעסטער מין שלאַנג אָן גיפֿט, אין די טראָפּישע

לענדער; צעקוועטשט זײַן
קרבן דורכן אַרומוויקלען
זי. אַרוכ ף.ם. a()I
.constrictor

אדדות

אודאַטשניק — דער, ־עס. וונ ניצע, ־ס־
וי< רוס. בר־מזל. ווען עס גיט זיך
אײַן. „אַן א'! אין פֿײַער ווערט ער ניט
בּרענט און אין וואַסער ווערט ער נישס
טרדנקען“.
אודאַטשנע — אַדי. סל. < רוס. גע
פֿײַן, מזלדיק. א, קינדער, א, טעג. א,
געהאַנדלט, אויפֿגענייט. „די פֿאָטאָגראַפֿי
אַרויסגעקומען זייער א'“.
אודאַטשע — די, ־ס. סל. < רוס. געלונ
טראַף פֿאָרפֿאַל; מזל; דאָס וואָס גיט זיך
־,
האָבּן אַן א'.
אַודאי — ← אַוודאי.
אודאַיע — די, ־ס. בּעס, רומ. < מאָד
דזוו אָדאַיע. גוט מיט פֿעלדער, שײַערן

בעלי־בתּישקייט און הײַזלעך פֿאַר דינער
אודאַ'יען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק
דאַיעט זיך, האָט זיך אודאַיעט. סל. <
זיך אײַנגעבן. געלינגען. דער עסק האָ
אים אודאַיעט. „צום גליק האָט זיך אים
יעט חתונה צו מאַכן די מיזינקע“, בריוו.
אודאַלע — אַדי. סל. רוסיצ. בּריהש.
ספּריטנע, וואוילױנגעריש. א, יאַטן. א,
־לסטווע — די.
אודאָסטאָווערעניע — די, ־ס.
שריפֿטלעכע פֿאָרמעלע כאַשטעטיקונג
צו אידענטיפֿיצירן די פּערזאָן). „אין די
טיקע אומרואיקע צײַטן טאָר מען אָן
זיך ניט ווײַזן אין גאַס“.
אודאַ'רניטשעסטווע — די. מצ נבֿ.
שלאָגלערישקייט. פֿאַרמעסט בײַם אַרבעכ
כער און פּראָדוצירן מער ווי די (אײַנגע
טע) נאָרמע.
אודאַרניק — דער, ־עס. ווג ־ניצע, ־ס.
שלאָגלער, אַרבעטער וואָס אַרבעט אויס
ווי די אײַנגעשטעלטע נאָרמע אָדער גיכע
בעסער ווי אַנדערע. „...וועט מען אַרוי
די א'עס הײַנטיקן חודש, און זי איז אַ

דאַרניצע...“, פּמ, איינס אויף איינס.
אודאַרנע בּיכל — דאָס, ־עך. סאָוו.
לערס בּיכל, וואו עס ווערט פֿאַרצייכנכ
(איר) אויפֿטו ווי אַן אודאַרניק ←. „כ'זאָ
זײַן אַ טאַטע צו מײַנע קינדער, כ'האָבּ
אַן א, בּ,'„ גאָלדשטיין, בּיראָבּידזשאַנער
אַמ ר.
אודאַרנע בּריגאַדע — די, ־ס. סאָוו.
גאַדע שלאָגלערס, גרופּע אודאַרניקעס.
אודוויר(י)ע — די, ־ס. < אוק. אַו
צוימטער הויף אַרום אַ הויז.
אודו'שליווע — אַדי. < רוס. שטי
אַסטמאַטיש. א אַלטע לײַט.

,

אודות — [אוי'דעס] פּרעפּ. < בּראשי
25 ,ll; כו, 32 אאַ. וועגן, בּנוגע,
(טרעפֿט זיך נאָר נאָך ווערבּן וואָס ווײַזן
טראַכטן און רעדן; קען האָבּן אַ בּײַט
מע וויל וועגן דעם ענין ניט רעדן. א
יה זעלטענער ווי פֿריִער). „...אָנצוזאָ
ישׂראל די ישועה גדולה א, די מחנה
נוצ I. „אויך האָבּן גאַנץ געלעגנטלעI

שפּראָכן די צוויי יונגעלײַט צווישן

דעם“, אמד. *רעדן א, אַכצן און דרײַ

אודזשאַראַס

וועגן אַ וויכטיקן ענין, וועגן עיקר (וואָס דאַרף בלײַבן צווישן זיך). זיך גלאַט דורכשמועסן א, דיזן־דאַזן, דאָס און יענס.

או'דזשאַראַס — דער. א“י [בײַם אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ, קאָס]. < אַראַבּיש. קאָפּווייטיק. וואָס דאַרף איך דעם א'? = דעם פֿאַרפּלאָנטערטן עסק, קאָפּדרייעניש.

אודזש(ג)ען — טרוו. ־(ג)ע, געאודזש(ג)עט. אויך: הודזש(ג)ען. אָנרייצן, אויפֿרייצן (אַ הונט, ער זאָל אָנפֿאַלן, בײַסן). א, עמעצן אויף (קעגן) עמעצן.

אודיושקע — די, ־ס. סל. מין בּאַר: לאַנג, שמאָל, געל, רויטלעך אויף די ,בּאַקן'.

אַודיטאָר — דער, ־ס. פּד. דזוו אוידיטאָר ←. ווער עס פֿירט דורך די פֿונקציע פֿון אַ ריכטער אין אַ מיליטערישן אָפּטייל. „איינער פֿון די לעבּיונגען איז דער אַ, אין פּאָלק“, פּרץ,

מ□ .נע ז□ רונודנ.

אַודיטאָריע — ← אוידיטאָריע.

אודיניע — [האַרטער קורצער יוד נאָך ד], די, ־ס. < אוק. נאָפּל, נאָפּל־עק פֿון אוגערקע, קאַווענע, קאַבאַק אע גרינסן. פּיטום פֿון אַ גרינס.

אודך — [אוידכאָ] דער, מצ: אודך'ס [אוידכאָס]. 1. 'איך וועל דיך לויבֿן'. ס'ערשטע וואָרט פֿון ערשטן פּסוק פֿון די לעצטע פֿיר פּסוקים אין דער תּפֿילה מן־המצר (פֿון הלל) וואָס מע זאָגט צו צוויי מאָל. *זאָגן צוויי מאָל אודך = איבערחזרן דעם געדאַנק צוויי מאָל. *נאָכאַמאָל אודך = ווידער דאָס זעלביקע, דער זעלביקער מאכל, די זעלביקע סיטואַציע אע. 2. נודניק, ווער עס קײַט איבער דאָס זעלביקע. „איך מײַד אים אויס וואָרעם ער איז אַן אודך„. *אודך־ייִד = אַ ייִד אַ נודניק. 3. די זעלביקע זאַך, איבערבלײַבעכץ. „אודך איז אַ באָרשט„, שוו = א) אַז סע בלײַבט איבער פֿון נעכטן מאַכט מען אַ געבראָקטס, אַ באָרשט; ב) אַז מע חזרט איבער דאָס אייגענע צעטומלט מען דעם צוהערער.

אודם — [אוי'דעם] דער, ־ס (?). תּח. < נדה, לבֿ/בֿ. יעדער מין בלוט פֿון פֿרויען־אָרגאַן (איידעלער אופֿן).

אוד מוצל מאש — [אוד מו'צ(אָ)ל מעאיי'ש]
פֿראַזע, דער. מצ נבֿ. < זכריה, ג, 2. 'אַ שײַט, אַרויסגעראַטעוועט (אַרויסגעריסן) פֿון פֿײַער'. 1. איבערגעבליבענער נאָך אַ קאַטאַסטראָפֿע. פּאָגראָם, ערדציטערניש, מגפֿה אע. „איך בין אַליין אַן א, מ, מ', מײַן גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען אין טרעבלינקע„. 2. שוואַכער, קראַנקער, ווער עס לעבט קוים. „נאָך דער אָפּעראַציע איז קוים וואָס ער גייט, ער איז נעבעך אַן א, מ, מ„„. אויך בלויז: אוד מוצל.

אודע, אודקע, אוטקע — די, ־ס. < רוס, אוק. ווענטקע. כאַפּן פֿיש מיט אַן א.. „איך כאַפּ אָן פֿיש מיט אַן אודקע און לויף אַהיים“, קאַצאָוויטש.

אודרו'ב — אימפּ. < אַראַביש 'דאַראַב, = שלאָגן. א״י, קאָס. שלאָג! דערלאַנג! [אויפֿמונטערונג מער, שטאַרקער צו שלאָגן זיך בײַ א קריגערײַ].

או״ה — ר״ת פֿון: אומות העולם, איסור והיתּר.

-

אוהבֿ — [אוי'יהעוו] דער, ־ים [אוי'העווים. אוי'האַווים]. תּנ. ווער עס האָט ליבֿ, ליבהאָבֿער; (גוטער, איבֿערגעגעבֿענער) פֿרײַנד. „דארמיט דאז דיין קאמיר דינר ועלכיר איין האלבֿיר א, איזט איין גאנטציר א, קענטי וערין„, גה, 209. „איין א, מיט אַכּשר האַרץ...אָמלך גופֿי מעג זיך ווינטשן אַזאַ גוט פֿרײַנט„, מס, משלי, כבֿ, 11 (תּקע"ד). „דער א, האָפּט זי צו זען...עפֿנט זי די טיר...און ווײַזט איר פּנים צו איר ליבהאָבֿער", נוצ I. „די בת־מלכּה האָט געוויינט וואָס זי גייט אַוועק פֿון אירע פֿיל א'ים, און אירע א'ים האָבֿן זייער געוויינט„, קה.

-

אוהבֿ־אשה — [אוי'העוו־אי'שע] דער. מצ נבֿ. < שמות, כא, 5 — 'אָהבֿתּי...את אשתּי', און איבֿפֿ. ווער עס האָט ליבֿ זײַן אייגענע פֿרוי (גוטמוטיק, שפּאַסיק). „אַן א־א, און

זוכט אַ פֿרישע", ווערטל.

-

אוהבֿ את הבֿריות — [אוי'העוו עס האַבֿרִי'־יעס] פֿראַזע, דער, מצ: אוהבֿים את... < אָבֿות, א, יבֿ. ווער עס האָט ליבֿ מענטשן, מענטשנפֿרײַנד. אַן אמתער א, א, ה, מיט אַ גאָלדן האַרץ.

-

אוהבֿ־בצע — [אוי'העוו־בּע'צאַ] דער, מצ: אוהבֿי־... [אוי'האַוויי־]. תּח. צבֿ. < היפּך פֿון שׂונא־בּצע (שמות, יח, 21; משלי, כח, 16). געלטגײַציקער, ווער עס יאָגט זיך נאָך געלט, רווחים מיט ניט געצוג כּשרע מיטלען. „דער... פֿאַן איז געווען אַ פּיפּיקער גוי, אַן א,־בּ'", ייִט, טאָג, 15 1961 ␣I.

אוהבֿ־ד', אוהבֿ־ה, — [אוי'העוו־האַשע'ם] דער, מצ: אוהבֿי... בּלויז די געשריבֿענע אָדער געדרוקטע פֿאָרעם פֿאַר אוהבֿ־השם ←. „...האָט הקבּ"ה צוזאַמענגענומען די פּמליאש␣.מעלה...זיי זאָלן מציל זײַן [אַבֿרהם אָבֿינו] פֿון דעם קאַלכאויוון, ווײַל ער איז אַן

אוהבֿה,״, נוצ II. „...ווען מע מאַכט אַ יודע־תּורה
פֿאַר אַן אוהבֿ־ד, און מע ווײַזט אים אַ דרך אין
עבֿודת־ד,״, לדבֿ.
--

אוהבֿ־השם — [אוי'העוו־האַשע'ם] דער, מצ:
אוהבֿי־השם < תּהלים, ה, 12 אאָ, פּלוס איבּפּ.
ווער עס האָט ליב גאָט. די אָפּגעהיטענע
פֿאָרעם וואָס מײַדט אויס דעם נאָמען מיט די פֿיר
אותיות און אויך דעם הייליקן פֿאַרבײַט אַדוני.
← אַהבֿת השם.
אוהבֿ־ייִן — [אוי'העוו־יאַ'ייִן] דער, מצ:
אוהבֿי־... < משלי, כא, 17. ,ווער עס האָט
ליב ווײַן'; ווער עס האָט אַ שוואַכקייט צו
טרינקען אַלקאָהאָלישע געטראַנקען (אין איידעלן
אופֿן אָדער אין פֿאַרשטעלטן לשון).
אוהבֿ־ישׂראל — [אוי'העוו־ייִסראָ'על] דער,
מצ: אוהבֿי־... [אוי'האַוויי־]. < מנחות, סה/ב:
״משה רבינו א, י, היה״. 1. ייִד וואָס האָט
שטאַרקע ליבשאַפֿט צו זײַן פֿאָלק, איז
איבערגעגעבן דעם גאַנצן פֿאָלק און מיט זיך צו
העלפֿן יעדן ייִד באַזונדער. „אַ פּראָסטער
בעלמלאָכה, אָבער אַן איידעלער א'־י',. 2. ייִדישער
גדול (רבֿ, געזעלשאָפֿטלעכער פֿירער,
שרײַבער, געלערנטער) וואָס ווײַזט אַרויס דורך

רייד און מעשׂים שטאַרקע ליבשאַפֿט צום פֿאָלק, ספּעציעל צום פּשוטן פֿאָלק; ווער עס איז

שטענאוחבֿ נאמן

דיק נוטה צו פֿאַרקוקן ייִדישע חסרונות און געפֿינען באַזונדערע מעלות בײַ ייִדן. ←אהבֿת ישׂראל. „הרבֿ הקדוש מו"ה וואָלף זבאַריזער ז„ל...איז געווען אַן א'־י', ער האָט ניט געזען קיין שלעכטס בײַ קיין שום ייִד און ער פֿלעגט יעדן צו רופֿן צדיק...דעם גרעבסטן האָט ער גערופֿן צדיק", קח. „דער דיין...איז ער אָבער אַ גוטער געווען, אַ בריליאַנט, אַן א'־י,. „כשר„ פֿלעגט ער ענטפֿערן מיט אַ שׂמחה", פּרץ, „עולם־הבא'. 3. דער אַפּטער צדיק ר, אַבֿרהם יהושע העשל וואָס האָט מחבר געווען אַ ספֿר מיטן נאָמען „א'־י'". 4. אַ ניט־ייִד וואָס באַציט זיך זייער גוט צו ייִדן, שטיצט ייִדן, נעמט זיך אָן פֿאַר זיי. „צווישן אַלע פּריצים פֿון אונדזער געגנט איז געווען איינער אַן א,־י, און ער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט די איבעריקע".

-

אוהבֿ־כּבֿוד — [אוי'העוו־קאָ'ווعד] דער, מצ:

אוהבֿי־... [אוי'האַוויי־]. צבֿ. ווער עס האָט ליבֿ כּבֿוד, יאָגט זיך נאָך כּבֿוד. „דער פּרנס איז אַן א'־כּ, און תּמיד שטופּט ער זיך אויבֿנאָן“.

□

אוהבֿ־כּסף — [אוי'העוו־קע'סעף] דער, מצ: אוהבֿי־... < קהלת, ה, 9. 1. ווער עס האָט שטאַרק ליבֿ געלט, געלטגײַציקער. דאָרטן: א, כּ, לא ישׂבֿע כּסף =...וועט (קען) זיך ניט אָנזעטיקן מיט געלט. 2. באַאַמטער וואָס נעמט שוחד, כּאַבֿאַר. “מען איז געוואָר געוואָרן אַז דער נײַער מושל איז אַן א'־כּ', און אַ שטיין איז אַרונטער פֿון האַרצן“.

-

אוהבֿ־מוסר — [אוי'העוו־מו'סער] דער, מצ: אוהבֿי־... < משלי, יבֿ, 1. ווער עס האָט ליבֿ מוסר, שטראָפֿרייד. „ער לויפֿט הערן דעם מגיד, צעגייט אַזש פֿון מתיקות און וויינט — אַ ייִד אַ תּמים און אַן א'־מ,“. [דער פּסוק דאָרטן: „א, מ, אוהבֿ דעות ושׂונא תּוכחת בער„ =תּי: „דער וואָס האָט ליבֿ וויסן האָט ליבֿ מוסר, אָבֿער דער פֿאַרגרעבטער האָט פֿײַנט שטראָף“. קעגנערס פֿון דער מוסר־באַוועגונג האָבן עס

איבערגעדרייט: *א, מ, שׂונא דעת = ווער עס האָט ליב מוסר האָט פֿײַנט וויסן.]

-

אוהבֿ־ממון — [אוי'העוו־מאָ'מען] דער, מצ: אוהבֿי־... < תּוספֿתּא, מנחות, יג, כבֿ. [דאָרטן: „אוהבֿין את הממון ושׂונאין איש את רעהו“ = האָבן ליב דאָס געלט און האָבן פֿײַנט איינער דעם צווייטן.] דזוו אוהבֿ־כּסף.

-

אוהבֿ־משפּט — [אוי'העוו־מי'שפּעט] דער, מצ: אוהבֿי־... < תּהלים, לז, 28; ישעיה, סא, 8 — אין בײדע שטעלן: „גאָט וואָס האָט ליב גערעכטיקייט“. איר, ווער עס האָט ליב זיך צו משפּטן אין געריכט, זיך סאָנדעוועןן.

-

אוהבֿ נאמן — [אוי'העוו נע'(ע)מאָן] דער, מצ: אוהבֿים נאמנים [אוי'האַווים נע,(ע)מאָ'נים]. צבֿ [אויפֿן סמך פֿון: כּהן נאמן, בית נאמן, ציר נאמן אאַ, תּנ.] באמת געטרײַער פֿרײַנד;

איבערגעגעבענער, פֿולקום פֿאַרלאָזלעכער ליבהאָבער. „בתּבֿים מן ר, משה באמבערג, וועלכער גיסי...זײַן א, נ, גיוועזין איזט“, גה, 249. „און דער א, נ, האָט אויך גענומען די ליבשאַפֿט פֿון דעם אָרט וואָס דער מלך האָט אים געוויזן“, נחב, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. „מיר זײַנען דאָך אָנגעקומען ביידע פֿאַר איידעמס אין איין

אוהבֿ — נואף

צײַט און עפּעס תּיכּף זײַנען מיר געוואָרן א'ים נ'ים“ אָנוכי, אַמאָליקע יאָרן.

-

אוהב — נואף[— גראָבלעך ווש מיט אוהבֿ: נואף (ווער עס פֿירט אַ געשלעכטלעך צעלאָזן לעבן) אויפֿן סמך פֿון: „אַן אויהעוו“ — „אַן אויעף“ — „אַ נויעף“. 1. איר, בייז וועגן אַ שׂונא־ישׂראל: אַ נואף־ישׂראל. „דער פּריץ איז אַ נואף־ישׂראל און די פּריצטע איז אויך אַ זונה“ (ווש מיט: אַזוינע). 2. אויפֿן זעלביקן אופֿן ווען אַ ייִד וואָס פֿירט אַ צעלאָזן 7עבן. „ער, מיט דער פֿעטער אָפּגעגאָלטער

מאָרדע, איז אַ נואף־ישׂראל און זײַן ברייטע
מ—‌ אַמע איז....,.
-
אד
אוהבֿ־נפש — [אויהעוו־נע'פֿעש] דער. מצ
נבֿ. < משלי, יט, 8. דזוו אוהבֿ נאמן, נאָר
עמפּאַטישער.
אוהבֿ־נשים — [אוי'העוו־נאָ'שים‌ דער, מצ:
אוהבֿי־... תּח. < מלכים א, יא, 1 און איבפֿ.
ווער עס האָט ליב אַ סך פֿרויען, יאָגט זיך
נאָך פֿרויען; ווײַבערניק. „דער יצר־הרע איז
דער זעלביקער בײַ אַ פּרוש און בײַ אַן א'־נ',
נאָר דער יצר־טובֿ איז אַן אַנדערער“.
‌
אוהבֿ־נשימניק — [אוי'העוו־נאָ'שימניק] דער,
־עס. דזוו דפֿוו, נאָר מיט ביטול.
-
אוהבֿ־צדק — [אוי'העוו־צע'דעק] דער, מצ:
אוהבֿי־... צבֿ [אָדער איבפֿ פֿון תּהלים לג, 5
—, אוהבֿ צדקה, צי פֿון תּהליס מה, 8 —
'אָהבֿת צדק']. ,ווער עס האָט ליב
גערעכטיקייט'. 1. אַטריבוט פֿון רבונו־של־עולם. „גאָט
ברוך־הוא, דער א,־צ', וועט זיך אָננעמען פֿאַר

מיר". 2. יעדערער וואָס שטרעבט צו
גערעכטיקייט, נעמט זיך אָן פֿאַרן גערעכטן צד אָדער
גערעכטער זאַך. „אַ רבֿ אַן א"־צ, מוז
אויפֿהערן זײַן רבֿ אָדער אויפֿהערן זײַן א"־צ, —
וועל איך אויפֿהערן זײַן רבֿ".
אוהבֿ־שלום — [אוי'העוו־שאָ'לעם] דער, מצ:
אוהבֿי־... < אָבֿות, א, יב. 1. ווער עס האָט
ליב שלום (מײַדט אויס קריגערײַען, מחלוקתן);
ווער עס באַמיט זיך אײַנצושטעלן שלום צווישן
מענטשן (אין פּריוואַטן און געזעלשאַפֿטלעכן
לעבן). „אַן אוהבֿ־צדק און אַן א"־ש, לעבן ניט
בשלום". 2. פּרינציפּיעלער קעגנער פֿון
יעדער מין מלחמה, פּאַציפֿיסט.
אוהבֿ־שלומניק — [אוי'העוו־שאָ'לעמניק] דער,
־עס. דזוו דפֿוו, נאָר מיט (בײַטעם פֿון) ביטול.

-

אוהבֿ־שמחה — [אוי'העוו־סי'מכע] דער, מצ:
אוהבֿי־... משלי, בא, 17. 'ווער עס האָט ל ב
פֿרייד'. לעבנסלוסטיקער, לעבנספֿריידיקער. „דער
בעל־שׂמחה טאַנצט עס אַזוי? — ניין, סתּם אַן
א"־שׂ'".
אוהו — דער, ־ען, ־ס. גרעסטער פֿון דער
סאָווע־משפּחה, האַלט זיך אויף

אין געדיכטע וועלדער.
איינער פֿון די שטאַרקסטע
רויבפֿייגל. איז בכּוח צו פֿאַרצוקן
-
גרעסערע בעלי־חיים, ווילדע
און שטוביקע. [טײַטשוואָרט
פֿאָר 'תּנשמת,, ויקרא יא, 18.] Bubo ma□imו□s.
אוהינע — די, ־ס. < וור, אוק. [ד פֿאַר נ
אָרויסגעפֿאַלן]. גראָבע, דיקע; שלעבטע,
פֿאַסקודנע (נאָר וועגן אַ פֿרוי).

אוהל — [אוי'העל] דער (דאָס), ־ס. (
זעלטענער) אָהלים [אָהאָ'־
לים]. תּנ, שינוי אין
ב. 1. מצבֿה אין
פֿאָרעם פֿון אַ געמויערט
שטיבעלע אויפֿן קבֿר
פֿון אַ רבֿ, אַ
בןתּורה, אַ צדיק, אָ
חשובֿן פֿירער. ,,
פֿאַראַן דאָ אַן א, בײַם
אַלטן בית־עולם, אַ

אוהל פּרץ אויפֿן גענ־ קליינע געבײַדע פֿון
שער בית־עולם אין שטיינער און האָלץ;
וואַרשע. דאָרט בּרענט אַ
נרתּמיד שוין עטלעכע
דורות, עס בּרענט אַזוי רואיק,
בּאַהאַלטן און שטאָלץ", סעג, אין קאַזמערזש.
„...דעם שטאָלצן וואונדער־רבֿ וואָס שלאָפֿט
שוין הונדערט יאָר זײַן שטילן א,־שלאָף",
אַל I. "פּרצעס א, אויף דעם וואַרשעווער
בּיתעלמין איז געוואָרן בּײַ די ייִדישע שרײַבער
איבּער גאָר דער וועלט אַ מין מקום־קדוש",
מוק, בּאַגעגענישן I. 2. דז בּײַ חסידישע
רבּיים [אין רבּינס יאָרצײַט אָדער אין אַן
עתצרה פֿלעגט מען עולה זײַן צום קבֿר, מתפּלל
זײַן, לייגן קוויטלעך אינעם א']. „ווען [דער
פֿאָטער] איז געקומען פֿון זיידנס א', בּין איך
אַרײַן צו אים פֿרעגן..." , פּוקח עורים, נ"י,
תּ"ש. „פֿון דעם הייליקן א, אויפֿן אַלטן
בּיתעלמין האָט דער דײַטש קיין זכר נישט
איבּערגעלאָזט", אַש. 3. שטיבּל אויפֿן בּית־עלמין
וואו מען איז מטהר אַ בּר־מינן פֿאַר דער
קבֿורה. „האָבּ איך ווי דער שטייגער איז,
אין א, אַ פּאָר טרונק בּראָנפֿן געטאָן", אבּג,
דער גלגול, וואַרשע תּרנ"ו. 4. איבּערדעק,

צודעק. „יעדער פֿאַנאַטיקער וויל פֿון זײַן גאַרטל מאַכן אַן א, איבֿער כּל־ישׂראל“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „...קאָנטראָלירט, צי עס איז גענוג אָנגעלייגט סכך און צי דער אַקאַציע־בוים מאַכט ניט קיין א'“, סמבֿ. 5. געצעלט (ערשטיקער בֿ). אין א"י. מאַכן אַן א, פֿון ברעזענט, באַפֿעסטיקן דעם א, מיט שטריק. (זן אויך אַנדערשוואו). „דער גאַנצער עולם־הזה איז מער ניט ווי אַן א, וואָס וואַנדערט פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן אָרט“, לדבֿ. 6. דזוו אוהלמועד ←. „מײַן שטובֿ איז דאָך ווי אַ משכּן און ווי אַן א'“, י. מ. ניימאַן, שבֿת־אויבֿס.

אוהל הטומאה — [אוי'העל האַטו'מע] פֿראַזע, דער. מצ נבֿ. ט, בײַם לערנען תּל. 'געצעלט פֿון טומאה'. געצעלט, בײַדל, שטובֿ אָדער יעדער אָרט מיט ווענט (אָפּצאַמונגען) און אַ דאַך (אַ צודעק) אָדער אַ טייל פֿון אַ דאַך, וואו עס געפֿינט זיך אַ מת אָדער אָ טייל, אַ שטיקל פֿון אַ מת. [דער א, ה, איז מטמא

,

אויף דרײַ אופֿנים: א) ווען אַ מענטש, אַ כּלי, אַן עסנוואַרג געפֿינט זיך אין דעם אוהל; בֿ) ווען דער מת ליגט אין דער הייך און שאַפֿט אַ מין איבֿערדעק; ג) ווען דער מענטש

ליגט איבּער דעם מת און שאַפֿט מיט זיך
אַליין אַ מין איבּערדעק.]
אוהל המת — [אוי'העל האַמע'ס] דזוו ד □וו.

אוהעל

אויך טהרה־שטיבּל, ווען אַ מת געפֿינט זיך
דאָרטן.
אדהל־מועד — [אויהעל־מוי'עד] דער. מצ נבֿ.
תנ. 1. דער משכּן און דאָס אינעווייניקסטע
געצעלט פֿון משכּן וואָס משה האָט, לויט
גאָטס רייד, אויפֿגעשטעלט אין מדבּר; דאָס
אָרט פֿון כּהנימשן דינסט; דאָס רואָרט פֿאַרן
אָרון און די הייליקע כּלים; דאָס רואָרט פֿאַר
דער געטלעכער שכינה [אָרט פֿאַר
פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען בּײַם אַרײַנגאַנג פֿון א'־מ,].
(זען שמות, כח—לא). ,,...אויף אַהרנען און
זײַנע זין, ווען זיי קומען אין א'־מ', אָדער
ווען זיי גענענען צום מזבּח צו דינען אין
הייליקטום", תּי, שמות, כח, 43. ,,ווען [משה
און יהושע] זײַנען בּיידע אַרײַנגעגאַנגען אין
דעם א'־מ', האָט אַ וואָלקן־זײַל אײַנגעוויקלט
יהדשען...און משה האָט אים ניט געקענט
זען", יהואָש, 'משה רבּינוס טויט'. 2. דאָס

אָרט פֿאַרן אָרון, די הייליקע כּלים און כּהנימשן דינסט אין שלה (שילוֹ), גבֿעון און ציון, בּיזן אויפֿבּויען דעם בּית־המקדש. „און שלמה האָט אויפֿגעבּראַכט...אויפֿן קופּערנעם מזבּח פֿאַר גאָט וואָס בּײַם א'־מ'...טויזנט בּראַנדאָפּפֿער“, תּי, דבֿרי הימים בּ, א, 6. „שטילע נאַכט מיט זײַדן־פֿליגלען איז אויף שלהס בּאַרג אַרונטער, האָט אין זילבּער־שײַן און שאָטנס אײַנגעדעקט דעם א'־מ'“, יהואָש, 'עלי און שמואל'. 3. איר. אָרט פֿאַר בּאַראָטונג; כּלומרשט הייליק אָרט פֿאַר אַ צונויפֿקום. „אין דעם א'־מ'...לייענט מען רעפֿעראַטן, נאָר אין זיי זאָגט קיינער קיין איינציק גוט־וואָרט פֿאַר ייִדן“, פֿרוג III, „פּרשה יתרו“.

אוהל עראי — [אוי'העל אַרײַ, (אַ'רײַ, אַ'רי)] פֿראָזע, דער. מצ נבֿ. < סוכּה, כא/בּ. 'צײַטווײַליק געצעלט'. 1. סוכּה וואָס האָט דעם כּאַראַקטער פֿון אַ צײַטווײַליקן וואוינאָרט [בּײַ די דינים וועגן סוכּה אין משנה האַלטן די חכמים אַז כּשר איז נאָר אַזאַ סוכּה וואָס האָט דעם כּאַראַקטער פֿון צײַטווײַליקייט. אַ סוכּה דאַרף זײַן ד י ר ת ע ר א י אָדער א, ע', אָבּער ר, יהודה האַלט אַז אַ סוכּה איז אַן א ו ה ל ק בֿ ע אָדער

ד י ר ת ק בֿ ע , בכן קען זי זײַן העכער
וויִ צוואַנציק אייל, זײַן צוגעדעקט ☐ יט
ברייטערע ברעטער אא]. 2. יעדער מין צײַטווײַליק
וואוינאָרט. זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר וואָכן
אין אַן א, ע'.
אוהל קבֿע — [אוי'העל קע'וואַ (אויך: קוואַ)]
← דפֿוו. 'שטענדיק געצעלט'. אויך יעדער
וואוינאָרט וואו מע פֿאַרבלײַבט אַ לענגערע
צײַט.
אוהל־קודש — [אוי'העל־קוי'דעש] דער, מצ:
אָהלי־... [אָ'האָליי]. צב. 'געצעלט פֿון
הייליקייט,. אוהל אויפֿן קבֿר פֿון אַ צדיק, אַ
חסידישן רבי. „שמועסן ווען שיקן שלוחים
קיין האַדיטש און ניעזשין אויף די
אָהליקודש", לדב.
אוה"ע — ר"ת פֿון: אומות העולם.
אוהעל — גנ. שטאָט אין סלאָוואַקײַ. אויך:
א(ו)יהעל (אין געוו, סעמפּלין־ג', אוגגערן)

או(ה)ר

יִדן זינט 5,000 — 1930.1630 יִדן [א'ער
רבי ר, משה].
או(ה)ר — די, ־ן. מיִ, עלזאַס, קורלאַנד

[דטשמ לגבי כלל־שפּראַך]. זייגער. וויפֿל איז די או(ה)ר?
אָ(־)וואַ, — אויסרופֿוואַרט. [אויך ערשטער טראַף אַקצענטירט, צווייטער צעצויגן מיט אַ הייבּונג פֿון דער שטים, אָפֿט אויך מיטן צוקנאַקן מיט דער צונג.] 1. דריקט אויס געפֿיל אַז עפּעס איז שווער, האַמעטנע, איז גרויס, איז אומגלייבּלעך (און דערבּײַ באַוואונדערונג אַז עס האָט זיך דאָך אײַנגעגעבּן). אָפֿט איר. „אָ'! סראָגן אַזאַ שווערע משׂא!“ „אָ'! דעם רבּינס נסים!„. „איך האָבּ אָן דעם זיך גאָר פֿאַרגעסן. אָ־וואַ! בּאַלד וועט עס געטאָן ווערן!“, ממוס, קליאַטשע. „איך האָבּ נאָך... אַ האַלבּע מײַל, אָ־וואַ!“, פּרץ, ,משולח'.
2. דריקט אויס פֿאַרוואונדערונג, דאָס חידושן זיך, סורפּריז. „אָפֿט מאָל וועט זיך אזאך מיט געבּין וואָס מזאָגט אָ וואה אָ דאָס אישׂון י״ שפּאָגל נײַא„, מס, קהלת תּקע„ט, א, 10.
3. דריקט אויס בּאַדויערונג און איבּערראַשונג גלײַכצײַטיק. „אָ־וואַ! בּרוך דיין אמת. נאָך כּמעט גאָר אַ יונגערמאַן, איך מיין אַרום אַרבּעים. אָ־וואַ, אָ״וואַ, סטײַטש אַזאַ מענטש!„, ממוס, קליינמענטשעלע. פּפֿ: אור־וואַ.
אָוואָד — דער, ־ן (־עס). < רוס. בּייזע פֿליג

וואָס באַפֿאַלט בעיקר
פֿערד, בהמות. „דער
גרעסטער שׂונא פֿון דעם
הירש איז אַזאַ מין פֿליג,
וועלכע מע רופֿט אָ'עס„,
י. טרובניק, זשאַרגאָן
לערער, וואַרשע 1886.

„אונדזערע פֿערד האָבן וואוילעריש...מיט די
עקן געשמיסן, געטריבן די אָ'ן„, ברעגמאַן,
דורך קריג און רעוואָלוציע I. [פֿערדפֿליג, לד].
▯abanus bovinus].,

אַוואו — אַדוו. וואו + פּאַרטיקל אַ. דזוו וואו.
פּטכו. (אַ ביסל מער אַרויסגעהויבן,
עמפֿאַטישער). ספּעצ אָנהייב זאַץ. (קען צוגעבן
פֿײַערלעכקייט צו די רייד). „אַ, ביסטו עס געווען
אַ גאַנצענעם טאָג?“ „אַ, האָסטו עס גייִנומעד?“
„... כּדי זאָלסט באַגליקן אומעטו▯ אַ, דו
וועסט גיין“, תּי, יהושע, א, 7. „דער רבי
האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער...: אַ,
ברענט?“, ווײַסמאַן, פֿון בריסק ביז
טעמיאַטיטש. „אַ, מע גייט — זעט מען נאָר
געשטאָרבענע“, א. שומיאַטשער, 'פּאַסן ▯ויכט'.
„ס'איז נישטאָ צו גיין אַ', נישטאָ די פֿוסטריט

וואו צו וועגדן“, בּראָד, אויסגעקליבּענע
שריפֿטן. „קיינער קען מיר ניט זאָגן, קיינער
ווייסט ניט אַ,“, הל.
אַוואולאַציע — די, ־ס. דאַס אויסטיילן זיך
פֿון אַן אַנטוויקלט, ניט־בּאַפֿרוכפּערטן איי פֿון
דער אַוואַריע.
אָ'וואולע — די, ־ס. 1. אייעלע אָדער עפּעס
וואָס זעט אויס ווי אַד אייעלע. 2. (בּאָטאַניק)
קערנדל, זוימענדל.
אָוואום — דער, ־ס. < איי < ל. (בּיִאָלאָגיע)
איי־קעמערל וואָס איז עלול זיך צו אַנטוויקלען
אין אַן אָרגאַניזם פֿאַר זיך.

אַוואָז־צ'ענדל — דער. מצ נבֿ.
שפּאָטנאָמען פֿאַר מאַפּוס ראָמאַן „אַהבֿת ציון“
[אָנצוהערעניש אויף סל 'נאַוואָז, = מיסט].
„קנאַפּ פֿאַר די אַפּיקורסים דער אַ'־צ' ..וואָס
דאָרט געפֿינט זיך כּל הפּאַסקודסטוועס“, קמ,
.No ,1870 19
אַוואַטשאַ   פֿרויען־נאָמען. < עוואַ < חוה.
 ־.־

טאָכטער פֿון יעקבֿ פֿראַנק, פֿאַרהייליקט בײַ די פֿראַנקיסטן. „.... האָבֿ איך דערזען דעם הייליקן יעקבֿ יוסף פֿראַנק... ער האָט געהאַ□טן אויף זײַן שויס די הייליקע אַ'“, אָפּאַ, 'שאָטנס'. „אַז אַ, קוקט אויף אונדז... אַז אַ, קומט אַרויס צו אונדז — לייגן מיר די הערצער אויף אירע אַקסלען,„ צײַט, יעקבֿ פֿראַנק.

אַוואָ'ך — אויסרופֿוואָרט. וורר. < וור. אוי וויי! (שפּאָטיש) אַוואָך, אַוואָך — צוויי וואָכן [בײַם אָפּלאַכן פֿון ווײַסרוסן וואָס ניצן ,אַוואָך, אין ,אַוואָך צי מניע, בײַם קלאָגן, יִוש מיט: אַ וואָך].

אַוואַ'ל — דער, ־ן, ־ס. < איי < איט. זשירע אויף אַ וועקסל. ־יסט = זשיראַנט.

אָוואַ'ל — אַדי. וואָס האָט די פֿאָרעם פֿון אַן אָוואַל; איי־פֿאָרעמדיק. אַן אָ, פּנימל.

אָוואַ'ל — דער, ־ן. < איי < ל. געשלאָסענע ליניע וואָס איז עליפּטיש אָדער ענלעך צום אומקרײַז פֿון אַן איי. צאַרטער אָ, פֿון פּנים.

אָוואָלאָגיע — די. מצ נבֿ. < איי < ל. וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט געבוי און כאַראַקטער פֿונעם איי.

אַוואַלאָ'ן — דער. מצ נבֿ. < איי < פֿר.

1. (אין מיטלעלטערלעכן עפּאָס וועגן קעניג אַרטור) — גן־עדן־אינדזל וואוהין קעניג אַרטור און די אַנדערע זאָלן האָבן געגאַנגען נאָך זייער טויט. 2. גג. האַלבּ־אינדזל אין דרוםמזרח פֿון ניופֿאַונדלאַנד (קאַנאַדע).

אַוואַלאַ'נש — דער, ־ן. < פֿר. 1. ריזיקע שניי־מאַסע (לאַווינע) וואָס רײַסט זיך אָפּ פֿון הויכע בערג און גליטשט זיך אימפּעטדיק אַראָפּ אין טאָל. 2. עפּעס וואָס רײַסט זיך אָפּ, וואָס שיט זיך מיט אימפּעט. אַ, פֿון ערד און שטיינער. אַ, פֿון ווערטער.

אָוואַלבּומי'ן — דער. מצ נבֿ. < איי < ל. אַלבּומין־שטאָף פֿונעם איי־ווײַסל.

אַוואַלירן — טרוו. ־ליר, אַוואַלירט. אונטערשרײַבן אַ וועקסל ווי אַ זשיראַנט, געבן ערבֿות.

אָוואַלנע — [ווייכער ל] אַדי. רוסיצ. דזוו אָוואַל ←.

אַוואַנגאַ'רד — דער, ־ן. < איי < פֿר.

1 פֿאָדערטייל פֿון אַרמיי; ערשטע גרופּע אין

.

ש▯אַכט. 2 פֿאָרויסגייענדיקער, מוטיקסטער

▯

.

טייל פֿון אַ באַוועגונג (פֿאַר מאַטערי▯לע אָדער

גײַסטיקע צילן, פֿון אַ ריכטונג אין קונסט אאַ).
„בערגעלסאָן מיינט שוין טאַקע אין־דער־אמתן
אַז דעם... גאַנצן פּראָדוקטיוון אַ, האַט ער בײַ
זיך אין קעשענע“, שׂנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער. 3. פּאָפּולערער נאָמען פֿאַר קאָלווירטן
אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ספּעציעל אין
אוקראַאינע. [למשל, געוו, ייִדישע קאָלאָניעס
שטערנדאָרף און נײַ־זלאַטאָפּאָליע האָבן זיך גערופֿן
אַ'] ־יסט, דער, ־ן. “און עס זײַנען
אָנגע.

אַוואָניש

מערקט מאָסמיטלען אויף צו פֿאַרשפּרייטן די
דערגר כונגען פֿון די אַ'ן,„ ביראָבידזשאַנער
שטערן 1, 1961 ,7 I.

אַוואַ, דזשי — דער, ־ס. א״י [בײַם אָלטן
אַשכּנזישן ישובֿ, קאָס]. < טערקדש.
אַוואַנטוריסט, אינטריגאַנט, שווינדלער. שוין
איינמאָל אַן אַ'!
אַוואַנטאַ'זש — דער, ־ן. < פֿר. סיטואַציע,
פֿאָרהאַנט, בכורה; פֿאָרצוג; עפּעס וואָס מע
קען פֿון דעם ציִען נוצן. „ידעתּי דש מכ„ת
[= מעלת כּבֿוד תּורתו] איין וואָהל ערצאָגין
קינד האָט אונד ווי מיר ר, בצלאל זאָגט
עשׂרת אלפֿי ר„ט לנדן גיבּן וויל אָהני אַנדרי
אַוואַנטאַשן״, משה מענדעלסאָן, ,בּריוו צו
נפֿתּלי הערץ מדעסוי', 1767 [הש I].
אַוואַנטוריסט — דע□ □ ־ן. □־נ ־יו, ־קע, ־ס.
< איי < ל. 1. ריזיקאַנט, ווער עס
פֿאַרנעמס זיך צו הויך אויף ריזיקאַלישע
אונטערנעמ□נגען. 2. אַפֿעריטט, דרייקאָפּ, שווינדלער.
3. וואַנדלער וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף ווײַטע
נסיעות מיט אומקלאָרע אָדער ריזיקאַלישע
צוועקן.
אַוואַנטוריסטיש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אַוואַנטוריסט, וואָס איז
פֿאַרבּונדן מיט אַן אַוואַנטורע.
אַוואָנטוריש — אַדי. וואָס איז פֿאַרבּונדן
מיט (וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן

אַוואַנטורע. „די אויגן פֿינקלען, האָבן אין זיך אַ'ס“, אָפּאַ, היבּדְי.

אַוואַנטורניק — דער, ־עס. ווּנ ־ניצע, ־ס. דזוו אַוואַנטוריסט (מיט בּיטול). „אַ'עס...האָבן בּאַשווינדלט אַ וועלט“, ייִט, פּוילן □י.

אַוואַנטורע — די, ־ס. 1. ריזיקאַלישער אײַנשטעל; ספּעקולאַציע; סכּנהדיקע רײַזע; געשעעניש וואָס קען זיך ענדיקן אויף אַן אומגעריכטן אופֿן. 2. שווינדל, פֿיקטיווער מסחר. 3. סקאַנדאַל, וויסטע סצענע. „אַן אַנדער מאַן אויף מײַן אָרט וואָלט דיר געמאַכט אַן אַ, מיט אַ סקאַנדאַל“, שע, מאַריענבּאַד. 4. לינקע ליבּע.

אַוואַנטור־ראָמאַן — דער, ־ען. 1. (אין מיטלעלטער) עפּיש ווערק וועגן ריזיק□לישע אונטערנעמונגען, גבֿורות פֿון ריטערס און קעניגן. [דער ייִדיש־טײַטשער אַרטור־ראָמאַן איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם זשאַנער.] 2. גרעסערע דערציילוגג וו□ס איר סוזשעט אין אויסגעטראַכטע, אימאַזשינערע אַוואַנטורעס צו האַלטן דעם ניט־איבּערגעשפּיצטן לייענער אין שפּאַנונג. [פֿ□ר דער כאַראַקטעריסטיק: „זי לעזט בּײַם צאַנקנדיקן ליכט שמרס אַ

ראָמאַן. די ליפּן ציטערן פֿאַר אומגעדולד...
טאַמער גייט איר אויס דאָס ליכטל און זי
וועט נישט געוואויר ווערן דעם סוף פֿון
פּיפּערנאָטער", פּרץ, 'די לעזערין,.]

אַוואָניש — אַדי. □]oת□ai > . וואָס האָט אַ
שײַכות צום אַמוואַן', דעם אָרט אין צערקווע
,

וואו דער פּאָפּ שטייט [איז אַרומגעשטעקט מיט
הויכע חלבֿדיקע ליכט]. ,,... בריוולעך שפּילקעס
וואָס פֿינקלען אַקעגן דער שײַן פֿון אַן אַ, ליכט
(אַ גראָבּ חלבֿדיק ליכט מיט אַ בּאַוולנעם
קנייטל)", ממוס, שלמה.

אַוואַנס

אַוואַ'נס — דער, ־ן. > איי > פֿר. 1.
אַדעריף, האַנטגעלט (בײַם שליסן אָפּמאַך). 2.
אויסגעצאָלטער טייל (אָדער די גאַנצע סומע)
פֿאַר אַ נאָך ניט געמאַכטער אַרבעט. 3
פֿאַר.
בּעסערונג, מאַכן עמעצן אַ'ן — צוזאָגן אַ
פֿאַרבעסערונג. 4. קאָמפּלימענט. מאַכן אַ פֿרוי
אַ'ן כּדי צו געווינען איר סימפּאַטיע. אויך:

אָנצוהערעניש.
אַוואַנסירן — אוטוו. ־סיר, אַוואַנסירט. גיין
פֿאָרויס. די ▯רמיי אַוואַנסירט צו נײַע
פּאָזיציעס. 2. פּראָגרעסירן; קומען צו אַ העכערן
גראַד, ראַנג, פּאָזיציע. „אַ, האָט ער קיין
אויסזיכט ניט געהאַט אַלס ייִד, אַפֿילו ניט אויף
אונטעראָפֿיציר„, קמ, 3 .19 1865, No. שטײַגן
אין לערנען, מידות, אַנטוויקלונג. „עס איז
שוין ברוך השם סוף זומער און איך האָב
נאָך נישט אויף עפּעס רעכטס אַוואַנסירט“,
פּרץ, מײַנע זכרונות.
אַוואַנסירן — טרוו. ← דפֿוו. 1. געבן אַן אַוואַנס;
צאָלן אין פֿאָרויס, אַ, עמעצן [דאַטיוו] אַ היפּשע
סומע. 2. דערהייבן צו אַ העכערן גראַד,
צו אַ פּאָזיציע מיט העכערן לוין, העכערן
פּרעסטיזש. אַ, עמעצן [אַקוז].
אַוואַנסירן זיך — ־סיר זיך, זיך אַוואַנסירט.
גיין פֿאָרויס, זיך דערהייבן מאַטעריעל אָדער
גײַסטיק. „עס וועט לאַנג ניט געדויערן, און
ייִדן וועלן קענען זיך אַ,“, ארז, קמ, 33 1865, No.
אַוואַנסצענע — די, ־ס. < איי < פֿר.
פֿאָדערטייל פֿון אַ בינע.
אַוואַנפּאָ'סט — דער, ־ן. < איי < פֿר.
1. פֿאָדערשטע וואַך אויפֿן שלאַכטפֿעלד;

נאָנטסטע פּאָזיציע צום שׂונא. ‟די נאַכט איז אונדז פּלוצלינג באַפֿאַלן ווי מע באַפֿאַלט אַן אַ'‟, בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.

אָוואָסקאָ'פּ — דער, ־ן. דזוו אָאָסקאָפּ ←.
„אַזאַ מכשיר דורכצוזען די אייער ווערט אָנגערופֿן אָ',,, יאָכ.

אָוואָצאָווע — אַדי. פּד. < פּויל. וואָס איז (געמאַכט) פֿון פֿרוכט אָדער גרינס. „חיים־בּער איז אַהיימגעקומען...מיט אַן המצאה אויף אַ היימיש געשעפֿט פֿון אָ, וואַסער‟ (= פֿרוכטזאַפֿט), פּרץ, ,נעילה'.

אָוואָצאַרניע — די, ־ס. פּד. < פּויל. גרינסאון אויפֿס־געשעפֿט.

אָוואַציע — די, ־ס. < איי < ל. אָנערקענונג און לויב וואָס אַ מענטשן־געזעמל דריקט אויס (אַ רעדנער, אַרטיסט, אאַ) דורך פּאַטשן מיט די הענט, ספּאָנטאַנעם אויפֿשטיין פֿון די ערטער, ענטוזיאַסטישע אויסרופֿן אדגל. „ווען פּרץ האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפֿאָרם, האָט די גאַנצע געבײַדע ממש אַ ציטער געטאָן פֿון דער שטורמישער אָ',,, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטער.

אַוואָצע'ט — דער, ־ן. < איי < ל.
לאַנגפֿיסיקער פֿויגל מיט

דינעם שנאָבל,
געבויגן אַרויפֿצו,
און מיט
שווימהײַטלעך אויף די
פֿ י נ ג ע ר. געפֿינט
זיך אין אַלע — .
וועלטטיילן. אויך: אַוואָסעט.]I▯e▯urvirostra[.

65

אַוואָקאַדאָ — די, ־ס. מעקטיקאַניש. בוים
און פֿרוכט פֿון זעלביקן
נאָמען, וואַקסט אין
טראָפּישע געגנטן פֿונעם
אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. די
פֿרוכט איז באַרן־
פֿאָרעמדיק, די הויט —
געלגרין. ווען אינגאַנצן
צײַטיק — שוואַרצלעך.
געניצט רויערהייט אין סאַלאַדן. ־Persea]I▯a
.tiss▯ma
אַוואָקאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
צוגאָבבאַרוף, באַשעפֿטיקונג לשם פֿאַרווײַלונג,

צײַטפֿאַרטרײַב.

אָוואַריאָטאָמיע — די. מצ נב. אָפּעראַציע, אויסשנײַדונג פֿון אָוואַריע(ס).

אָוואַריום — דער, ־ס. דזוו אָוואַריע ←.

אָוואַרי'ט — דער. אָנצינדונג פֿון אָוואַריע(ס).

אַוואַריע — די, ־ס. < איי < איט. שיפֿבּראָך, שיף־שעדיקונג. „ווי אין אַ צײַט פֿון שטורע אויפֿן ים, אויף אַ שיף וואָס האַלט בײַ אַ',,, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.

אָוואַריע — די, ־ס (אויך: ־ן). < איי < ל. 1. אייערשטאָק בײַ דער זי פֿון אַלע בעליחיים וואו די אייער אַנטוויקלען זיך. 2. (באָטאַניק) דאָס פּרוכט־קניפּל אין אַ בלומענגעוויקס וואָס אין אים אַנטוויקלען זיך די קערעלעך. אַדי: ־ריש.

אַוואָרירט — אַדי, פּאַר 'אַוואַרירן'. געשעדיקט דורך אַ שיף־אומגליק. אַ'ע סחורות.

אָוואָשטש — דער, ־עס. סל. < אוק, רוס. גרינוואַרג, גאָרטנוואַרג. געוויקסן פֿון גאָרטן, ווי קאַרטאָפֿל, קרויט אע. קאָך אַ זופּ פֿון אָ..

אָווגוסט — דער. מצ נב. דזוו אויגוסט ←.

אַ'ווגוסטאָוו — גנ. ← יאַ'גיסטעוו.

אַווגוסטינער — דער. דזוו אויגוסטינער ←.

אַוודאי — [אַוואַ'דע] זוו. < תל ודאי +

פּאַרטיקל אַ. אויף געוויס, זיכער, באַשטימט, אָן שום ספֿק. געניצט עמפֿאַטישער צו מאַכן,

אַרויסצוהייבּן אַן ענטפֿער, און□ □ □ □ צושטרײַכן
אַ מיינונג, אַ פֿאַרזיכערונג, בּולטער צו מאַכן
אַן אַרויסזאָג. יאָ, אַ, וועל איו קומען! ,,אַ
קאָלבּאַסע מיט אַ מזוזהלע העלפֿט דאָך אָ'‘‘,
פֿוול. ,,אַ צלמל מיט אַ מזוזהלע העלפֿן אַ,‘‘,
פֿוול. ,,אַ, איז ניט איטלעכער גענוג שטאַרק
אויסצושטיין דעם נסיון‘‘, ממI ס, פּריזיוו.
,,אַ, מעגן מיר זיך איבּערנעמען וואָס מיך
האָבּן דערלעבּט אַזאַ צײַט‘‘, שע. ‘‘ס'פּעלצן
זיך די בּערג מיט כמאַרעס, דאָרטי שנייט
עס שוין אַ'‘‘, יהואָש, 'פֿרילינג'. *אַ, טראָגט
וואַסער = דאָס זײַנען פּוסטע פֿאַרזיכערונגען,
אַן אַ סמך וויש מיט סל 'וואַדאַ, = וואַסער].
אַוודאי און אַוודאי — [אַוואַ'דע און אַוואַ'דע]

גאַר געוויס, שוין גאַנץ זיכער, אַן מ□נדסטן
ספֿק; ס'איז אַ קלאָרער לאָגישער אויספֿיר.
,,איך טו עס פֿאַר יעדערן, וועל איך פֿאַר
מײַן פֿרײַנד עס אַ, א, אַ, טאָן‘‘. ,,אַ, פֿרייט
מען זיך, ווען מע מאַכט חתונה אַ קינד, און
בּ□ אַ חתונה פֿון אַ מיזינקע — אַ, א אַ',,.
'
,

אוּווערטורע

שפּאַסיק: „איך קען אים ווי אַ ייִד אַ זקן,
בּין איך אויף זײַן בּרית אַ, א, אַ, געווען„..
או־וואַ — דזוו אָ(־)וואַ ←. „א,! ניטאָ בּײַ אײַו
קיין קאַרטלעך, ניטאָ!„, שע. “א'... [אים] איז
אײַנגעפֿאַלן אַ זעלטן קעפּל פֿאַר זײַנע פֿופֿציק
שורות כראָניק“, בּערג, בּײַם דניעפּער II. „ר,
ח...איז נפֿטר געוואָרן! א', א, אַזאַ
אויסכאַפּעניש!“, פֿייגל פֿדיד, צוק, 1957, X.

א□'וואולע — די, ־ס. < איי < ל.
גומענצינגל וואָס הענגט אַראָפּ פֿון ווייכן גומען
איבּער דער עפֿענונג פֿונעם שלונג.

אוואַזשאַיען — טרוו. ־אַיע, אוּוואַזשאַיעט.
רוסיצ. דזוו אוּוואַזשען. „און איטלעכער האָט
זי אוּוואַזשאַיעט פֿאַר איר שיינקייט“, פֿמ.
„ער אוּוואַזשאַיעט קיינעם נישט, האָט פֿאַר
קיינעם נישט קיין דרך־ארץ“, בּריוו.

אוואַזשעניע — די. סל. < רוס. דרך□ארץ,
רעספּעקט. אָפּט איר. „איר ווילט אַ טובֿה פֿון
אַ בּאַנק — בּעט אים, הײַנט דעם פּאַטשאָט
און די א'...“, ווענדראָף, 'בּאַשערט אַ גליק'.

„דורך דעם געפּיל פֿון א, צו דער קינצלעכער
אַרבעט...“, קמ, 30 1863, No.
אוואַזשע(נע)ן — טרוו. ־זשע, אוואַזשעט.
סל. < רוס. 1. רעספּעקטירן, לייגן כּבֿוד אויף
עמעצן, חשובֿ האַלטן. „האָט מען געמאָכט אַז
דעם ערשטן קעניג מוז מען א,“, קמ, 1862,
9 .No. 2. שאַנעווען. „איך האָב אוואַזשעט
זײַן עלטער, האָב איך אים ניט אויסגעפּאַטשט„..
3. צוליב טאָן; האָבן אין זינען. „...טאָמער
וועט איר אים זאָגן מוסר, ר, אַלטער, איר
דאַרפֿט מיר א'“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
4. אַראָפּלאָזן פֿון מקח, רעכענען ווייניקער
ווי געווײנטלעך (ווי אַן אויסדרוק פֿון
ספּעציעלער באַציאונג).
א□וואַ'ל — [ווייכע ל], די, ־ן. פֿטמ. < וואוואַל.
שלייער, וואו□לקע. ל1.
אוואַלנ אַיעט — אדי. < רוס. באַקומען
י
דערלויבעניש, אורלויב. „דעם דאָזיקן פּו.
יגאָוואָר שטעלט דער א'ער אַליין פֿאָר“, קמ,
1 1867, No.
אוואַ'ראָוויטש — גנ. שטעטל אין האָמלער
קרײַז, מאָליעווער גובֿ'□ 1897 — 622 ייִדן

צווישן 2,000 אײַנוו'.

אוויאָ'ל־גלאָז — דאָס. מצ נבֿ. קירצונג פֿון אולטראַ־וויאָלעט־גלאָז (לאָזט דורך די אולטראַ־וויאָלעטע שטראַלן; ווערט גענוצט אין געוויסע אַפּאַראַטן און פֿאַר שויבֿן אין סאַנאַטאָריעס).

אווי'רן — דזוו אַוירן, אָוירן ←. „די מוטער און די שוועגערין האָבֿן פּנחסן אוּווירט“, אָפּא, מלאַווער דערציילונגען. „ער האָט זי כּסדר אוּווירט, גלײַד ווי ער וואָלט נעכטן חתונה געהאַט מיט איר“, איבֿז עגנון, פּשוטע מע□ה.

א□ווערטורע — די, ־ס. < איי < פֿר. 'דערעפֿענונג'. 1. פֿאָרשפּיל; אינסטרומענטאַלער אַרײַנפֿיר צו גרעסערער קאָמפּאָזיציע, אַראַטאַריע, באלעט, אָפּערע. 2. ערשטער קאָנטאַקט, פֿאָרשמועס וואָס דאַרף פֿירן צו אַ צונויפֿקום פֿוו צדדים פֿאַר תּוכיקע פֿאַרהאַנדלונגען.

א□ווריאַיע(נע)ן

אוווערי־אַיע(נע)ן — אוטוו. ־ריאַיע,
אוּווערי־אַיעט. רוסיצ. פֿאַרזיכערן. א, אַז אַלץ גייט
גלאַט. אויך: א⸗דווערייען.
-
אווועךרך — אַדוו. < וור. אַרויפֿצו,
דערלאַנגען א'.
אַווטאָרידאַקט — אויטאָדידאַקט ←.
אַווטאָמאַט — אויטאָמאַט ←.
אַווטאָנאָם — אויטאָנאָם ←.
אַווטאָנאָמיע — אויטאָנאָמיע ←.
אַווטאָר — דער, ־ס. דזוו אויטאָר ←.
פֿאַרשפּרייטע פֿאָרעם בײַ דער אינטעליגענציע
אונטער השפּעה פֿון רוסיש.
אַדוטאָריטעט — דזוו אויטאָריטעט ⸗י.
אָווטשאַריק — דער, ־רקעס. < פּויל.
פּאַסטעך־לידל. „... ווי אַ קלאָר פֿײַפֿל גענומען
אויסזינגען אַן אָ,“, אָפּאַ, 'ציגײַנער,.
אָווטשאַרניע — די, ־ס. < פּויל, רוס.
שטאַל, אַרומצוימונג פֿאַר שעפּסן פֿאַרן
שטו. „
רעם האָבן זיך [די ייִדן — שעפּסעלעך]
באַהאַלטן אין אײַער אָ, [דאָ: אמונה]“, ייִפֿאָל,
5 1882, No.
אָווטשאַרקע — די, ־ס. < רוס. שאָפֿנהונט;

הונט אויף צו היטן סטאַדעס (שעפּסן) פֿון
װעלף.
אָװטשינע — די, ־ס. < אוק, רוס. 1.
שאָפֿנפֿעל, שמויס, אַ האָריקע אָ'. „...געקויפֿט גוט
אָ'ס, געגעבֿן קירזשנערס...“, קמ, 4 , 1867, No.
2. בֿגד געמאַכט פֿון שאָפֿנפֿעל. „דער פּויער
איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אָ'“. איבֿערקערן
די אָ, = צבֿועקעווען, אַרויסווײַזן פֿאַלשקייט.
אַוויאָ־אָסטייל — דער, ־ן. אָפּטיילונג פֿון
אַוו אַציע־פֿלאָט. „ווענס פֿאָטערלאַנד האָבֿן זיי
,
עס פֿאַרטיידיקט? פֿרעגט מיך אַ סאָלדאַט פֿון
אַן אַ'־אָ'“, בֿרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע II.
אַוו אָ־באַזע — די, ־ס. מיליטערישע באַזע
,
פֿאַר קריגס־עראָפּלאַנען און זייערע מאַנשאַפֿטן.
אַוו אַטאָר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. 1.
בֿאַי
האַוונטער, ספּעציאַליסט אין אַוויאַציע. 2.
עראָפּלאַן־פֿירער, פּילאָט.
אַוויאַטיקאַ, ־קע — די. מצ נבֿ. דזוו
אַוויאַציע ←. “ניט נאָר פֿון אַווטאָמאָבֿילן...
לופֿטשווימערײַ, אַ'...זיי האָבֿן פֿון אונדזער

אײַזנבּאַן ניט געוואָלט הערן“, שע, קלײנע
מענטשעלעך.
אַוו אָ'ן — דער, ־ען. דזוו עראָפּלאַן ←.
י
אַוו אָנעטקע — די, ־ס. קלײנער אַוויאָן.
י
אַוו אַציע — די. מצ נבּ. < איי < ל.
י
1. לופֿטפֿליִערײַ מיט דער הילף פֿון אַ
מעכאַנישן אַפּאַראַט וואָס איז שווערער פֿון דער
לופֿט. 2. קענטענישן פֿון לופֿטפֿליִערײַ.
אָווידאָליען — טרוו. ־ליע, אָווידאָליעט. לאַקל,
לויצק. ▯דדa▯0▯▯]B:▯▯ <. אַריבּערטראָגן,
בּײַקומען (נאָר וועגן שווערער מערכה, וועגן
אַן עול). ניט קענען עס אָ▯.
אָווידוקט — דער, ־ן. < איי < ל. ,
אײערפֿירער'; אָרגאַן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ טרײַבל
בײַ דער זי פֿון בעלי־חיים, וואָס דורך אים
קומען אַרויס די אײער פֿון דער אָוואַריע.
אַווי, דעפֿאַוואָראַ'בל — פֿראַזע פֿר. (
אי.
מיגראַנטן אין פֿראַנקרײַך). ,באַשלוס ניט

גענייגט'. אַמטלעכער אָפּזאָג אויף אַ בקשה
בכּתבֿ אָדער בעל־פּה. היפּך: אַווי פֿאַוואָראַבל.
אַוויוווירן — טרוו. ־וויר, אַוויווירט. < פֿר.
(פֿאַרבערײַ, קליידער־רייניקונג) שווענקען אין
וואַסער מיט אַ ביסל עסיק־זײַערס, כּדי
אָפּצופֿרישן, גלאַנציקער צו מאַכן די קאָלירן. ש.
שפּיראָ, קליידער־פֿאַרבערײַ, וואַרשע 1900.
אַוויזאַציע — די, ־ס. אַקט, טואונג פֿון
אַוויזירן. אויך: ־זירונג, די, ־ען.
אַוויזירן — טרוו. ־זיר, אַוויזירט. 1. שפּאַ.
באַקאַנט מאַכן, אינפֿאָרמירן; מתרה זײַן, מזהיר
זײַן. 2. געבן אַ ספּעציעלע באַשטעטיקונג,
דערלויבן (דורכצופֿאָרן, דורכצופֿירן). „מיר
זאָלן ליקווידירן יעדער טראַנספּאָרט ייִדן וואָס
איז ניט...אַוויזירט געוואָרן„, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן.
אַוויזע — די, ־ס. < איי < ל. מעלדונג,
באַקאַנטמאַכונג, עפֿנטלעכע מודעה. אויך:
אַווי'ז, דער, ־ן.
אַוויטאַמינאָ'ז — דער. מצ נבֿ פֿיזישע

.

אָפּגעשוואַכטקייט, קראַנקער צושטאַנד וואָס
קומט פֿון צו ווייניק וויטאַמינען אין נערונג.

אָ־דויי, — דזוו אוי־וויי ←.
אַ וויילֿ(ע) — אַדוו פֿראַזע. אַ (זייער) קורצע
-
צײַט; אַ ביסל צײַט. „וואַרט אַ ווײַלע — און
איך גיי מיט דיר“. Mhd: ein יI□île.
אַווייניק — אַדוו [קען אויך באַטראַכט ווערן
ווי אַן אדי אַן אינוו]. 1. דזוו ווייניק. פֿטמ.
(אַ ביסל מער אַרויסגעהויבן, עמפֿאַטישער).
ספּעצ אָנהייב זאַץ. „אַ, צרות שוין געליטן?“.
„אַ, מענטשן האָבן עס געזען,„. „האָסט אַ,
געוויינט און געקלאָגט?“. 2. אַרכ□ ein □Mhd
nic אַ ביסל, צו ביסלעך, ווי ניט איז.
□ □ן
„זעלכר כּרוז האָט ב„ה ההמונים אוויינג
משכית [משתּיק?] גוועזין וכּמעט קיינר פּוצה
פּה גוועזין“, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם„
1669 [פֿש III]. „וויא די שטאַט לייט זאלכיז
גיוואר ווערן פֿייארין זי מיט קאנונין וואז
,
מיט...זיא אוויניג פֿר טרייבטן„, 'מעשׂה אומן',
l783 [הש I].
אַווילאַ — גנ. שטאָט אין אַלט־קאַסטיליע,
שפּאַניע, אויך: אַבֿילה, אוילה. ייִדן זינט

1085. אין 1291 — גרויסע ייִדישע קהילה.
[אליעזר בּר שמואל דע אבֿילה].
אַווילאָנאַ — גג. פּאָרט־שטאָט אין אַלבּאַניע.
אויך: אבֿילונא, אוילונה. ייִדן אין 15.
יה. Av][(□na, An1ona, י□alOna.
אָווין — גג. שטעטל אין בּראָדער קרײַז,
טאַרנאָפּאָלער וואָיע,. אויך: אףווין.
אַווינ אָ'ן — גג. הויפּטשטאָט פֿון
דעי
פּאַרטעמענט (פּראָווינץ) וואָקליז, פֿראָנקרײַך.
אויך: אַבֿ(י)נ(י)ון, אוי(י)ון, אַנולייש,
אַבֿייטן. [ייִדן זינט 4. יה. 1524 — גירוש;
--
1570 דערלויבּעניש פֿאַר אַ בּאַגרענעצטער צאָל
משפּחות. איז געווען איינע פֿון די 4 קהילות
(מיט קאַרפּענטראַס, איל, קאַוויאָן), וואָס זײַנען
אין מיטלעלטער געווען אָרגאַניזירט אין וועד
ארבּע הקהילות, מיט אייגענעם נוסח
קאָמטאַדען. אין אַ, האָבּן געווירקט אַ
צאָל ייִדישע גדולים, צ״אַ דער בּאַרימטער ר,

אַוויר

לוי בּן גרשום — רלבּ״ג. 19. יה בּלויז בּײַ

אַ 40 ייִדישע משפּחות.]

אָווינ(י)ען — טרוו. אָווינ(י)ע, אָווינ(י)עט. פּד.
□□□□□o:□ <. אַרומוויקלען. אָ, זיך מיט אַ לײַלעך.

אָווינ(י)ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך אַרומטאָן, האָבן געַנוג צײַט פֿאַר עפּעס. ניט קענען זיך אָ'. 2. זיך ספּראַווען; זיך אַרויסדרייען פֿון עפּעס. „ער האָט זיך אָוויניעט פֿון אַ גאַנצער באַנדע שקצים“.

אַוויסאָ — די, ־ס. < שפּאַ. דזוו אַוויזע ←. מעלדונג. „שוין צוויי טעג ווי ער האָט געקראָגן אַן אַ, פֿון באַנק“, מ. רובינשטיין, אַ לעבן אין מעקסיקע.

אַוויסירן — טרוו. ־סיר, אַוויסירט. שפּאַ מעלדן, אָנזאָגן; וואָר(ע)נען. „דער סוחר אַווי. סירט זײַנע קליִענטן, ווען דער וועקסל ווענסירט“ [= איז פֿעליק]. „איך אַוויסיר אײַך אַז עס קומט אַ שטורעם“.

אַוויעטקע — די, ־ס. סאָוו. < רוס < פּר. קליינער עראָפּלאָן. פֿליִען מיט אַן אַ'.

אַדוי פּאַוואָראַבל —. פֿראַזע. פּר. (אימיגראַנטן אין פֿראַנקרײַך). אַמטלעכע באַווייליקונג פֿון בקשה, פּאָזיטיווע שטעלונג. □י□ך: אַווי דעפּאַוואָראַבל ←.

אַוויקולטור — די. מצ נבֿ פֿייגל־האָדעוואַניע.

.

אָוויר — [אַ'ווער, אַ'וויר] דער, ־ס, ־ים. תּל. כּבֿ1־4 שינוי אין בֿ. 1. פֿאַרשטיקטע, אומריינע לופֿט. „איר רייכערט און עס ווערט אַן אַ', עפֿנט דאָס פֿענצטער“. „אין שטובֿ איז ניט אַרײַנצוגיין פֿון...דעם פֿאַרשטיקטן אַ'“, אָנוכי, צווישן הימל און ערד. 2. שטונק, עיפּוש (אַ ביסל איידעלער). „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רויך? ...וואָס שטינקט דאָס דאָ אַזוי אַן אַ'?“, עט, משלים. „ס'שטינקט פֿון זיי אַן אַ'! זיי לויזן זיך צערעפּעטע“, פּמ, קופּע. 3. אַרכ. עפּידעמיע, מגפֿה. „דז בעו“ה אויר איז אין כמעט אין גנצן לנד קראקא, לבֿובֿ, פּוזין ושאר מקומות“, „...איז נפֿטר גיווארין באויר“, בריוו פֿון 1588 [בֿ. ווײַנריבֿ, השו]. „דען דז קאָל [= קול, קלאַנג] גיט וויא ח„ו גרושר אויר ווער. מן האָט די מײַד הער גשיקט“, פּראָגבֿ, 43. „דאָס קטורת מאַכט אויפֿהאַלטן אַ, און דאָס קיין מענטש שטאַרבט אין אַ'“, צור, כּי תשׂא. 4. שלעכטער גײַסט אָדער שלעכטער ווינט. „די שפּרעכערין:...איך באַשווער...אַלע שדים, אַלע רוחות, אַלע מכשפֿים...אַלע שלעכטע אַווירים, אַלע בייזע ערטער...זאָל ניט קומען

אויף דעם מענטשן,,, דלוגאַטש, קמ 25 1870, No.
5. לופֿט בכלל, אַטמאָספֿער, פֿרילינגדיקער,
בלויער, גרויער אַ'. ,,אין דעם גליִענדיקן אַ,
שמעקט דער זיסער פּעך פֿון סאָסנעס", יהואָש,
'פֿון די קעטסקיל־בערג'. ,,....זינגט מיט אים
דער גאַנצער אַ',,, בראָד, אַלדאָס גוטס. 6. חלל,
רוים פֿון דער וועלט. ,,זיי קערן גאָרניט צו
זיצן אין דעם אַ, פֿון דער וועלט און זיי
באַדאַרפֿן גאָרניט צו זײַן...", נחב, 'מעשׂה
מבעל..תּפֿילה'. ,,האָט דער כּהן גיזעהין די
אותיות פֿון סוד שם הקודש פֿר שפּרייט...
אין דען אַ',,, נצ1, שמות, כג/ב. ,,דער
אַ, פֿון דער וועלט איז פֿול מיט די

אַווירא דאַרעא

נשמות פֿון די מענטשן וואָס קענען נאָך ניט
קומען צו זייער רו", קה. 7. שיכט פֿון
לופֿט; ספֿערע. ,,און אַזוי גייט דער וואָרט
ווײַטער און ווײַטער, ער ברעכט דורך פֿיל אַ'ים
און הימלען, ביז עס קומט אָן...,,, נוצ II.
8. שטח, אָפּגעגרענעצטער חלל. אין אַ, פֿון
בית־מדרש. 9. במ. צווישנשיוון, פֿרײַע שטחים
צווישן די פֿינגער פֿון ביידע הענט בײַם

דוכנען. „די כהנים צעטיילן די פֿינגער בײַ דעם דוכן, ווײַל עס שטייט מציץ מן החרכים — השי״ת קוקט אויף די ייִדן פֿון די פֿינף פֿענצטער, דורכדעם איז מען זיך נוהג צו מאַכן פֿינף אווירים בײַ די פֿינגער„, ספֿר טעמי המנהגים, לעמבערג, תּרס„ט. 1O. שטימונג. „שבת־מבֿרכין אלול אין ליובאַוויטש...האָט זיך שוין דער אַ, געביטן...עס האָט שוין געבלאָזן אַ תּשובֿה־ווינט״, „הערנדיק זיי, איז אין יענער ווײַלע געווען גאָר אַן אַנדער אַ״, לדבֿ.

אַווירא דאַרעא — [אַווי'רע דעאַ'רע] פֿראַזע, אויך די, ־ס. (מצ זן, בלויז איר, שפּאַסיק). צבֿ, מוסטער: 'עמא דארעא'. 1. לופֿט פֿון דעם לאַנד, אַטמאָספֿער; סבֿיבֿה. „וואו מע קומט איז אַן אַנדער מין אַ, ד״. „איצט איז אַ נײַע אַ, ד, און עם־הארצים שפּרינגען אויבנאָן״. 2. לופֿט פֿון ארץ־ישׂראל (דאָס וואוינען, זײַן אין א״י). אַ, ד, מחכּים [מאַ'כקים]= די לופֿט פֿון א״י

מאַכט קלוג (איבערפֿראַזירט פֿון: אַווירא דארץ, ישׂראל מחכּים', בבא בתרא, קנח/ב, דזב).

אַווירא דארץ־ישׂראל מהכים — [אַווי'רע דייע'רעץ־ייִסראָ'על מאַ'כקים] תּל שוו. ← דפֿוו.

„דאָ בײַ אונדז זענען טייל אַפּילו נאָר פּראָסטע שוטים געווען, נאָר אַ, ד,־י, מ, — ווערן זיי מוסרים“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.

אַווירדיק — אַדי. 1. שטיקעדיק, עיפּושדיק. 2. לופּטיק.

אַוויר־העולם — [אַ'וויר־האָאוי'לאָם] דער. מצ נב. צב. לופּט פּון דער וועלט, אַטמאָספּער. „די וועלט־פּראָפּעסאָרן — זיי זאָגן: דאָס מוז נאָך פֿאַרבלײַבן אויף לאַנג — דער אַ־ה, איז קאַליע געוואָרן“, פּרוג I, 'אין ווייטיק־בעט'.

אַווירון — [אַוויראָ'ן] דער, ־ים. א“י. עראָפּלאַן. „דער אַ', קיין אילת פּליט נאָר צוויי מאָל אַ וואָך„. אַ'טשיק(ל) = עראָפּלאַנדל, שפּילכל פֿאַר קינדער. קויפֿן דעם קינד אַן אַווירונטשיקל.

-

אַוויר טוב — [אַ'וויר טאָוו] פּראַזע, דער. מצ נב. גוטע לופּט, געזונטע אַטמאָספּער; גינסטיקע סיטואַציע פֿאַרשידענע טרעפֿונגען...

. „

ניכטערן אויס אַלע פֿאַרשיכּורטע און פֿאַרטשאַדעטע און שאַפֿן אַן אַ, ט'“, לדב.

אַ'ווירן — אוטוו. אַוויר, געאַווירט. 1. אַרויסגעבן, האָבן אַ שלעכטן ריח. „אַ פֿערדיונג אַווירט מיט פֿערדישקייט און אַ העקער מיט

אַטקע“. „ווי בּרודיק איז אָט דאָס נפֿשל...און
י

עס אַווירט מיט וואַנצן פֿון אים“, י. יאָפֿע, אין קעמלגרוב. 2. זיך טראָגן אין לופֿט; שאַפֿן אַ שטאַרקן אײַנדרוק וואָס איז ניט צום האַרצן. אַ, מיט גדלות, מיט חוצפּה. זײַן אַמאָליקע תּקיפֿות אַווירט נאָך פֿון אים. „עס אַווירט נאָך פֿון אים מלכות־גליק, עס טשאַדעט נאָך ממשלה פֿיבער אין זײַן בּליק“, הל, ' אַפּאָקאַליפּטיש,. אויך: אַווערן.

67

אַווי'רן, אָווי'רן — טרוו. אַוויר, אַוויר, אַווירט, אָווירט. < הויפֿירן. אויך: האַווירן, א ווירן. 1. בּאַדינען, אָפּהיטן; זאָרגעוודיק אַרומגיין אַרום עמעצן. אַ, עמעצן ווי אַ קראַנקן, ווי דעם מלך, דעם מלכות. „[די שפּיטאָלגבּאים] האָבּן זיך מי געגעבּן אַלץ צו פֿאַרבּעסערן און האָבּן גוט אַכטונג געגעבּן, עס זאָלן די קראַנקע גוט אָווירט ווערן“, קמ, 1863, No 26. 2. פֿאַנקעווען, קעכלען, צערטלען פֿאַר, ציִען. אַ, ווי אַ בּת־מלכּה, ווי אַ (פֿאַרצויגענע)

בת־יחידה. אַ, ווי גלײַך נאָך דער חתונה. „דו קענסט זיך גאָרנישט דענקען וואָס זי איז געווען, ווי אַזוי זי האָט מיך אָווירט“, קמ, 1867, No ll. *ניט קענען אַ'=ניט קענען צוטרעפֿן עמעצן. אויך אוטוו, מיט דאַטיוו. אַ קאַפּריזנע פּריצה — מע קען א י ר ניט אַ..

אַוולניק — דער, ־עס. קלעזמער־לשון. < עוולה. אַלפֿאָנס; ווער עס לעבט אויפֿן חשבון פֿון (אַ) פּראָסטיטוטקע(ס).

אָוולע — די, ־ס. o(u)b1ie : <. פּאָד, וואָליו קיִעווער גובֿ.. 1. לענגלעכע פּירעשקע, פֿון טייג און אָנגעפֿילט מיט ווײַנשל (אָדער אַן אַנדער מין אַגדע צי פּרי). געבאַקן אויף

אַ פֿאַן אָדער בעקן [מע פֿלעגט עס עסן אין די זומער־חדשים, געווײנטלעך ערבֿ־שבת; האָט געדינט ווי אַ פֿאַרבײַסעכץ]. 2. קרעפּל מיט קעז. פּאָד. „די אָ'ס האָבן ממש געשוואומען אין פּוטער“, בריוו. 3. המן־טאַש, לאָקל, כמעלניק, פּאָד. אויך: אָוועלע.

אָוונט — דער, ־ן (־ער, פּר, זן). Mhd: âbent 1. צײַט צווישן טאָג און נאַכט, באַזונדער צווישן זונפֿאַרגאַנג, דער שקיעה, און דער צײַט

פֿון גיין שלאָפֿן. אַן ערך צווישן 6־7 נאָכמיטאָג ביז 12 בײַנאַכט. אָנהייב אָ'. שפּעט אין אָ'. גרוי ווי דער אָ'. אין שמות דבֿרים, 1542, „ערבֿ — אובֿנט“. 2. צונויפֿקום, אונטערנעמונג, פֿאָרשטעלונג, געמאַכט אין אָוונט. פֿאַרבעטן צום אַ'. אַ פֿײַערלעכער, גרעאָטענער, אײַנדרוקספֿולער אאַזוו אָ'. אַזכּרה־אָ, = צו שלושים, צום יאָרצײַט (צו ערן דעם אָנדענק פֿון אַ נפֿטר).

אָפּשייד־, געזעגן־אָוונט. טאַנצאָוונט. שולאָוונט.

אָוונט און מאָרגן — צגז אַדוו. אַרכ. יעדער אָוונט און יעדער פֿרימאָרגן. „אבֿר דענוך זי אים עשן אונ, טרינקן בּרוכט אובֿנט אונ, מורגן אלי טעגליך טגן„, בּבֿא־בּוך, 253. [פֿרגל: 'ערבֿ ובֿקר, בּכל יום תּמיד'.]

אָוונט־איין אָוונט־אויס — צגז אַדוו. אָוונט

-

נאָך אָוונט, יעדער אָוונט כּסדר. שפּילן אין קאָרטן אָ'־א, אָ'־א.. „אַ יאָר צײַט האָבּן כּמעט אַלע ייִדישע טרופּעס אָ'־א, אָ,־א, געשניטן ווילדע גרימאַסן“, מוק, באַגעגענישן II.

אָוונטבלאַט — דאָס, ־בּלעטער. צײַטונג וואָס קומט אַרויס אין אָוונט אָדער נאָכמיטאָג.

אָוונטבּלוי — די. מצ נבּ. נעאַל. בּלויקייט פֿון אַוונט. „די אָ, פֿאַלט טיף און נעמט נאָך

טיפֿער פֿאַלן — אַ דרײַ־קאָליִרטע שיף אין אויסלעשונג פֿון שטראַלן“, הל, 'אַזוי ווי דורכן שלאָף'.

אָונט ‎ בלינדקייט — די. מצ נבֿ.

אָפּגעשוואַכטע ראַיה אין אָוונט מחמת דער

פֿאַראָוונטלעך

קלענערטער שפּירעוודיקייט פֿון דער רעטינע פֿון אויג אויף שוואַכערע ליכטשטראַלן. [קומט פֿון שלעכטער דערנערונג, בײַ סקראָפֿולעזע קינדער, אין תּפֿיסות אע.] „בעת דער [ערשטער וועלט־] מלחמה איז אָ־ב, געווען אַן אָפֿטע דערשײַנונג בײַ דער אָרעמער ייִדישער באַפֿעלקערונג אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע“, דר, צמח שאַבאַד, אַלענ.

אָוונטברויט — דאָס (דער), ־ן. וועטשערע, אָוונט־מאָלצײַט. געוויינטלעך דער ל ‎ ‎ טער מאָלצײַט פֿון טאָג, אַן ערך צווישן 5 נאָכמיטאָג ביז 8־9 אין אָוונט פֿאַרבעטן אויף אָ.. „אונדז אײַנ.

לאַדן מיר זאָלן קומען צו אים צוברענגען דעם אָוונט און מיט אים אָוונטברויט צו עסן...“, קמ 24 1866, No. „איך מוז גיין זען וואָס הערט

זיך מיט אונדזער אָ'‘‘, ספּ, סודות. „דער טאַטע
...וואַשט זיך און עסט זײַן אָ'... צו געזונט זאָל
אים זײַן, ציטערן [דער מאַמעס] ליפּן‘‘, פּרץ,
'דרײַ מאָל גערופֿן'.
אָוונטגאָלד — דאָס. מצ נבֿ. אָוונטרויט;
קאָליר פֿון הימל בין־השמשות; אין דער צײַט פֿון
זונפֿאַרגאַנג, בעת דער שקיעה.
אָוונט־גלאַנץ — דער, ־ן. נעאָל. בֿאַרבֿיקייט,
רויטקייט פֿון זונפֿאַרגאַנג. „רייטלט זיך די
אינדזל־מלכּה ווי אין אָ,־ג, אַ פּערל‘‘, יהואָש.
אָוונט־גלאָק — דער, ־ן, ־גלעקער. גלאָק
וואָס קלינגט אין אָוונט, וואָס זאָגט אָן אַז דער
אַרבֿעטסטאָג איז געענדיקט. „□.ען מיידלעך און
וואַרטן...אויפֿן פֿוילן סיגנאַל פֿונעם אָ',„ מל,
,אויף דער פֿינפֿטער עווניו'.
אָוונט־גרויאונג — די, ־ען. נעאָל. פּראָצעס
פֿון גרוי ווערן אין אָוונט. נאַד.
אָוונט(ד)יק — אַדי. נעאָל. וואָס איז פֿון
אָוונט, האָט אַ שײַכות צו אָוונט, איז (אַזוי ווי)
אין אָוונט. „לויכטן אין די הייכן נאָך די
פֿײַערפֿערד, ווען עס טוט שוין בלייכן אָ, די ערד‘‘,
אַל, 'אליהו און אלישע'. „דער אָ'ער האָרן
פֿון וואַלד‘‘, אַקרוטני, טמז, 27 □ 1953 .I
אָוונט(ד)יקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.

אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אָוונט(ד)יק. אַ מילדע אָ'.

אָוונטוואָלף; — דער, ־וועלף. דזוו וואָלף (ווײַל ער גייט אַרויס זוכן רויב אין אָוונט). תּי פֿאַרטײַטשט 'זאבֿי ערבֿ, (חבקוק, א, 8): „ אָוונטוועלף“.

אָוונטזייט — די, ־ן. מערבֿ, די זײַט וואו די

-

זון איז אין אָוונט. אוצר השרשים, וואַרשע, 1880.

אָוונט־טיי — די (דער), ־ען. טיי וואָס מע טרינקט אין אָוונט (אין אַ באַשטימטער שעה). „בײַ אונדז איז צען אין אַוונט — אַ'־ט„ מעג מען אַפֿילו האַלטן אין מיטן פֿון אַ וויכטיקער זיצונג“, רייד, דרום אַפֿריקע.

-

אָוונטל — דאַס, ־עך. < נאָוועט ←. קיכל פֿון מאַן אַדער געשטויסענע ניס, מיט האַניק אַדער סיראָפּ. „אין די געוויינלעכע טעג פֿלעגט [די באַבֿ־ייִדענע] פֿאַרקויפֿן אָפּגעקאָכטע באַבֿ, אָפּגעקאַכטע אַרבֿעס, אינגבֿערלעך, אָ'לעך און פֿארשידנערליי אײַנגעמאַכטסן“, זאקס, חרובֿע וועלטן.

אָוונטלעך — אדי. נעאָל. 1. דזוו אָוונט(ד)יק. „צונויפֿגעגאָסן אין איין פֿאַרסודעטן אָ'ן

אויפֿשרעק,,, זש. 2. וואָס איז אַרומגעגומען
מיט אָוונט פֿאַרוואָס קוקט ער ניט אין אָ'ן
.,,
גאָרטן אַרויס?,,, איבז ימ, טאָמאַס מאַן, טאָניאָ
קרעגער, 1930.
אָוונטמאָ לצײַט — דער (די), ־ן.
אָוונס— דער, ־ן. ← דוווו.
אָוונט־מאָ
בּרויט, וועטשערע. ,,ומשנכנס אָבֿ ממעטי,
בּשׂמחה, דערינט וועגין מיר איין גרינגי אבֿינט
מאהלצייט גיהאט האבּין", גה, 256.
אָוונטן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס אָוונט,
האָט געאָוונט. נעאָל. דערנענטערן זיך צו
אָוונט. ,,ס'נעמט אָוונטן, דער מערבֿ בּרענט אין
רויט", ייִש, 'יונגע יאָרן'.
אָוונטס — אַדוו. אַרכ. אין אָוונט, אין דער
צײַט פֿון אָוונט. ,,איך שרײַבּ אײַך דיזוש אַך
ניט פֿאַר קיין ספֿר מוסר גשיכט נור וויא שוין
גידאכט דאז אויבֿינטש, דיא לנגי נאַכט דיא
מאלקולישי גידאנקין מיט צו פֿאַר בּרענגין",
גה, 21.

אָונט־סעודה — די, ־דות. דזוו אָונט־
מאָלצײַט, וועטשערע. „האַלטסטו עס נישט פֿאַר
פּאַסנד בּאַלד נאָד דער אָ־ס, מיט מיר צו שׂרהס
עלטערן אויף בּאַזוך אַהינצוגיין?“, קמ, 1867,
No 11.

אָונטעסן — דאָס, ־ס. וועטשערע,
נאַכטמאָלצײַט. ווען וועט שוין דאָס אָ, זײַן גרייט?

אָונטפֿלאַטערל — דאָס, ־עך. פֿלאַטערל
וואָס בּאַווײַזט זיו
אין אָונט, מיט
גרויסע פֿאַרבּיקע
פֿליגעלעך; הייסט
אויך אָונטדיק סאָווע־אויג. האָט ליבּ ווערבּעס.
. ▯me] ▯int] ▯us ocellatus

אָונט־צו — אַדוו. נאָענט צו אָונט. ער וועט
ערשט קומען אָונט־צו.

אָונטצײַט — די, ־ן. (אָנהייבּ) אָונט; די
--
צײַט ווען די זון זעצט זיך; פֿאַרנאַכט. די אָ,
דערנענטערט זיך שוין. „און די טדיבּ איז
געקומען אין אָונטצײַט„, תּי, בּראשית, ח, 6.

אָונטצייטונג — די, ־ען. אַ צײַטונג וואָס
-
גייט אַרויס אין אָונט אָדער נאָכמיטאָג.

אָוונטבלאַט.
אָוונטקורס — דער, ־ן. [געוויינטלעך אין מצ]. קורס(ן) וואָס ווערט געגעבן אין אָוונט (פֿאַר דערוואַקסענע). גיין אויף אָ'ן. „די הײַנטיקע ייִדישע וועלט מיט אירע...עקסטערנעס, דאַנטיסטן, מיט אירע צײַטונגען, האַנסווערק־שולן און אָוונטקורסן“, בעל־מחשבֿות III.
אָוונטקלייד — דאָס, ־ער. [געוויינטלעך אין מצ]. קלייד(ער), מלבוש(ים) וואָס מע טראָגט, לויט דער אָנגענומענער עטיקעט, בײַ אָפֿיציעלע אָוונטברויטן, בײַ פֿאָרמעלע צונויפֿקומענישן אין אָוונט. אַן אָ, מיט אַ טיפֿן דעקאָלטע. מע הייסט קומען אין אָ'ער.
אָוונטקער — דער, ־ן. דער מאָמענט פֿון דער שקיעה פֿון זונפֿאַרגאַנג.

אָוונט־קרבן — [...קאָרבן] דער, ־ות [קאָרבאָ'־נעס]. (באַשטענדיקער, טאָגטעגלעכער) קרבן־תּמיד וואָס מע האָט געבראַכט „בין הערבַים", קעגן אָוונט — בײַם אהל־מועד (אין מדבר) און אין בית־המקדש. [תּי: „איין שעפּס זאָלסטו

מאַכן אינדערפֿרי און דעם צווייטן שעפּס
זאָלסטו מאַכן אין אָוונט“, שמות, כט, 38.] „ווען
דער אָוונט־ווינט פֿלעגט ווייען, אָנגעזאַפּט מיט
מירטן־ריחות, דאַמאָלס פֿלעגן יונגע כּהנים
מקריבֿ זײַן דעם אָוונט־קרבן“, יהואָש, 'דער
אָרגל'.
אָוונטרויט — די (דאָס). מצ נבֿ. אויך: ־ס,
דאָס. רויטקייט אויף מערבֿ־זײַט פֿון הימל
בײַם און גלײַך נאָכן זונפֿאַרגאַנג.
אָוונטשול — די, ־ן. שול וואו די לימודים
ווערן געפֿירט אין אָוונט, געוויינטלעך פֿאַר
אַרבעטנדיקער יוגנט אָדער פֿאַר דערוואַקסענע. „די
אָ, איז געווען אַן ענין פֿון גרעסטן באַטײַט
פֿאַרן יידישן לעבן...דער דערפֿאָלג פֿון דער
ווילנער אָ, איז [אין 1904] געווען זייער גרויס:
עס האָבן זיך פֿאַרשריבן 300 שילערינס“,
קאַזדאַן, פֿון חדר און שקאָלעס ביז צישאָ.
אָוונטשטערן — דער. מצ נבֿ. ליכטיקער
שטערן אויף מערבֿ־זײַט פֿון הימל וואָס
באַווײַזט זיך גלײַך נאָך זונאונטערגאַנג; ווערספּער;
פּלאַנעט ווענוס. [ניט פֿאַרבײַטן מיט
אָוונטשטערן = יעדער שטערן פֿון אָוונט]. „וואָלטן
מיר געשטאַנען אויף דעם אָ', וואָלט אונדז די
ערד אויסגעוויזן עטוואָס גרעסער און וואָלט

אונדז געגלאַנצט אַזוי ווי ער", י. מ. ליפֿשיץ, קמ, 31 1863, No.

אָוונטשײַן — די. מצ נבֿ. ליכט פֿון בינהשמשות; אָפּגלאַנץ פֿון אונטערגייענדיקער זון. ,,...איך...שפּאַן אַרײַן אין די פורפּערנע טירן פֿון אורוואַלד און אָ'", הל.

אָוונטשפּערל — דער, ־ען. קליין
זינגפֿייגעלע מיט ברוינע
און ווײַסע פֿעדערן;
קומט צו פֿליִען אויף
זומער קיין
צפֿונאַמעריקע. האָט נעסטן
אין באָדן. לייגט 4־6 אייעלעך. Coccothraustes a.

אַוו ע — ← אדיסטראַליע.

אַווסטר. אַ'ק — דער, ־עס. וונ אַטשקע, ־ס.
ִ ־

< אוק, רוס. אויך: אַווסטר אַקע. 1. עסטרײַכער (געניצט מיט ביטול, ווי אַ זידלוואָרט). 2. גאַליציאַנער ייִד (בײַ ייִדן אין דרום־רוסלאַנד).

אָוסיאַנקע — די, ־ס. < רוס פֿעלרפֿייגעלע

מיט אַ גרינלעכן רוקן

און געלבּלעכן שנאָבל.

.][□mberi□ia lʝortulana

אָווסיו'ק — דער, ־עס. < אוק, רוס.

ווילדגראָז, ענלעך צו האָבּער (טויג ניט צום פּיטערן).

□ .Avena][)ubescens

אַווסעריאָ'ז — אַדוו פּטמ. < רוס. בּאַווירקט

□

פֿון: 'אויף סעריאָז'. אויף־צון־אמתן. אין ערנסט. "אָט זײַנען מיר שוין, אַלטע, אין דער היים אַ, און אויף שטענדיק", נאָדינער, זבּ בּירע־בּידזשאַן, 1936.

אָווע־טאָווע — זוו. פּד.(o□י)o, to□o:□ > .

,אָט דאָס, אָט יענס'. 1. ווי עס זאָל ניט זײַן;
צי אַזוי צ אַנדערש; וואָס עס זאָל זיך ניט
טרעי
פֿן. "אָ'־ט', אַפֿילו נאָכן טויט קיין מזל נישט",
בּימקאָ, גנבֿים. ,,אָ'־ט', יאָרן זײַנען אַריבּער און

אַוועק

קלמן איז געבּליבּן אַליין", בּאַש. ,,אָ'־ט, האָט
עס בּעסער געלוינט ווי אַרײַנצוגיין אומלעגאַל
אַרבּעטן...,,, שטריגלער, אינזלען אויף דער

ערד. *אָ־ט, — פאַרך נאַ גלאָווע = א) סײַווי
קומט אַרויס שלעכט; ב) בלײַבט מען דער
אומגערעכטער, דער בעל־עוולה וואָס איז באמת
אַ באַעוולטער. *אָ־ט', די קו איז אַ קראָווע
= דו זאָגסט קיין זאַך נישט, ביסט קיין זאַך
ניט מחדש. 2. אומגעריכט, גלײַך אויף אַן
אָרט, תּוך כּדי דיבור. „אָ־ט', ער איז דאָ!“
”אָ־ט, איז געשען אַן אָנדער מעשׂה„..
אַווע מאַר. אַ — פּראַזע. < איי < ל. „זײַ
י
געגריסט, מאַריִאַ'. פּאָפּולער געבעט בײַ די
קאַטאָליקן צו דער הייליקער מאַריִאַ. „די
אינספּיראַציע, אַלץ פֿון יענער אויסטערלישער
סיטואַציע — אַ, מ'„, אַל. אויך באַקאַנטע
מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע.
אַווענטורי'ן — דער, ־ען. < איי < ל.
איידלשטיין פֿון אַ געל־ברוינעם קאָליר, באַשפּרענקלט
מיט גילדענע פּינטלעך.
אַווענידאַ, ־דע — די, ־ס. < שפּאַ.
ברייטע גאַס, אַליי, בולוואַר.
אַוועסטאַ — די. מצ נב. (אָפּטער געניצט מיטן
צוגאָב — זענד אַ, — אַ, מיט פּירושים.)
לערע פֿון דער זאָראָאַסטישער רעליגיע מיט
אירע שפּעטערדיקע וואַריאַנטן. אַ, איז

פֿאַרהייליקט בײַ די פּערסער אין איראַן און אינדיע.
אַדי. ־ניש.

אַוועסטיש — דאָס. מצ נבֿ. אינדאָ־
אייראָפּעאיש־איראַנישע שפּראַך פֿון דער אַוועסטאַ.
אַוועסטרו'ז — דער, ־ן. < פּאַרטוגעזיש.
שטרויספֿויגל פֿון
דרומאַמעריקאַנישן קאָנטינענט.
אַ, האָט דרײַפֿינגערדיקע
פֿיס (אַנדערע
שטרויספֿויגלען האָבן צוויי פֿינגער)
און איז קלענער ווי דער
שטוויספֿויגל פֿון אַפֿריקאַנער קאָנטינענט. ווערט
געהאָדעוועט אין דרום־אַמעריקע און
דרומקאַליפֿאָרניע צוליב זײַנע פֿעדערן. ־hea ame]I[
.r1cana
אַוועסי, — צדנויפֿשמעלץ פֿטמ. פּר. זזוו
.
פֿאַרוואָס איז. נאָר אין רייד. ,,אַ אַזוי קאַלט
,

-

אין שטובּ?" (אויך פֿאַר ה אָ ט) „אַ, האָט
איר דאָס געטון?", י. בּריקס.
אַווע'ק — זעלבּשטענדיק, (ווי אַ) זאַצוואָרט.
c ־י 1 .en :Mhd. אין אַ בּאַפֿעלזאַץ:
טראָג זיך אָפּ, זע אַז דו זאָלסט דאָ
ניט ווערן. „אַ, פֿון מײַנע אויגן!" „אַ,
פֿון דאַנען!" „נאָכדעם האָט ער זיך שוין
צעשריגן אויף אַ קול: אַ', שייגעץ!", ממוס,
'בּישיבֿה של מטה'. 2. אין לאָזינגען, אין
אויסרופֿן: זאָל עס מער ניט זײַן! זאָל עס
פֿאַרשווינדן, בּטל ווערן! „אַ, מיט דער טיראַנײַ!",
פּאָפּולער בּײַ די ערשטע רעוואָלוציאָנערן. „אַ,
מיט דער ייִדישער געפֿאַלנקייט! אַ, מיט יענע
צײַטן!", שטריגלער. 3. בּמקום־וואָרט פֿאַר:
אַוועקגיין, אַוועקפֿאָרן, אַוועקפֿליִען, אַוועקאײַלן
אא מיטן בּאַטײַט: דערווײַטערן זיך פֿון אַן אָרט,
און אָנשטאָט: פֿאַרבּײַגיין, פֿאַרפֿליסן אין צײַט.
„געקומען ניט געבּעטן, אַוועק ניט געטריבּן",

אַוועק

פֿוול. אַ, אָן אַ זײַ(ט)־געזונט = א) ניט
געז.

לאָזט וויסן וועגן אַוועק .ין, אַוועקפֿאָרן אע; בּ)

מיט אַ בּרוגז. *אַ, אין דער וועלט אַרײַן, אַ, אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג = אין אַן אומבּאַשטימטער ריכטונג, אָן אַ ציל. *אַ, ווי אַ בּער אין די נײַן טעג = א) אַ פֿאַרשעמטער, בּ) אַ הונגעריקער. *אַ, (וו[illegible]) אַן אָפּגעשמיסענער = בּאַליידיקטער. *אַ, (ווי) אַן [illegible] [illegible]ונטערגעשאָסענער = זייער גיך. אַ, דער פֿויגל — פֿאַרשוואונדן

--[illegible]

דער חבֿרה־מאַן (בּעל־דבֿר, פֿאַרבּרעכער). *אַ, ואיננו [ווייאיינע'נו] = און ער איז ניטאָ, מע ווייסט ניט וואו ער איז. אַ, דער ווינטער, די שלעכטע צײַט אע. אַ, דאָס גליק, דער מזל אע. א, פֿון אַן אַמט, אָרט, אַ שטעל — פֿאַרלאָזן,

—   —

זיך אָפּזאָגן. פֿפּ: אַ, ווי אַ בּליץ, אַ דונער; ווי דער נעכטיקער טאָג, דער פֿאַראַיאָריקער שניי; אַ, ווי אַ (בּייזער, וויסטער) חלום; אַ, ווי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען. [בּ3 איז די עליפּטישע פֿאָרעם פֿון ווײַטערדיקן וואָרט[illegible]] אויך: אַוועקעט ←, אַוועקט ←.

אַוועק — מיט ז ײַ ן (שאַפֿט פּצ) און מיט ו ו ע ל ן (שאַפֿט די קצ) און אויך מיט מאָדאַלע ווערבֿן: זאָלן, מוזן, דאַרפֿן אאַ; אַ טייל פֿון

פּרעדיקאַט. 1. דערוויטערן זיך פֿון אַן אָרט (מיטן אייגענעם ווילן). דער עולם איז אַ,; די געסט זײַנען אַ'. ,,די ליבע איז אַוועק שפּאַצירן אין גאָלדענע שיכעלעך צוויי", א. שומיאַטשער, לידער. 2. זיך באַוועגן און זיך דערוויטערן (וועגן אַ מאַשין). די באַן וועט אַ, אין אַ צען מינוט אַרום. 3. פֿאַרלאָזן אַן אָרט (קעגן ווילן). ,,ותיכף ומיד מוז הזונה [אַוועק] מקהלתנו בלי עכּובֿ בעולם", 'פּנקס קהלת אה,,ו,, [ייִבל, 33]. 4. אַנטלויפֿן. ער איז מיט איר אַ, קיין אַמעריקע. אַ, פֿון תּפֿיסה. 5. פֿאַרשווינדן, ניט ווערן, נעלם ווערן. כּוחות (יונגע יאָרן, מעגלעכקייטן אאַזוו) זײַנען אַ'. די צײַט איז אַ'. אַ, מיטן רויך, מיטן ווינט, מיטן טײַוול, שוואַרץיאָר אאַ. ,,אַ באָד האָט אָפּגעברענט, אַ שטעטל, ניט דאָ געדאַכט, אַ, מיטן רויך,,, ממוס, , נשׂרפֿים,. ,,די צוויי הונדערט טויזנט זענען אויסגערונען, אַ, מיטן ווינט, מיטן רויך,,, שע, דאָס גרויסע געווינס. 6. פֿאַרבײַגיין פֿאַרפֿליסן אין

,

צײַט. דער פּסח איז שוין אויך אַ'. ,,זיבן יאָר זײַנען אַ—און פּאַרד איז געבליבן פּאַרד,,, שוו. 7 פֿאַרענדיקן זיך. דאָס גליק איז אויס, אַ'.

.

„אַ בער אָן אַן עק — די מעשׂה איז אַ,“, קל.
8. אָפּטאָן זיך. 'גלה כּבֿוד מישׂראל', שמואל א,
ד, 21 פֿאַרטײַטשט מלל: „ער איז אַ,...“ [תּי:
.־
אָפּגעטאָן האָט זיך דער כּבֿוד]. „אַ, איז דער
שטראַל פֿון געזיכט שוין“, יהואָש. 9. ממשיך
זײַן, ציִען ווײַטער. „עס איז אַ, אַ שמ עס אויף
גאַנצע שעהן“. „איז אַ, מיט זײַן ווינטשעוואַניע
נאָך ווײַטער“, שע. 1O. שטאַרבן. „גיב דעם
רשע צו טרינקען פֿון זײַנע זינד, וועט ער אַ,
פֿון דער וועלט געשווינד“, שוו. „ווער
אויסלעבן זײַן צײַט זאָל ביז צום עק, און ווער פֿון
דאַנען פֿאַר דער צײַט אַ'“, ממוס, יודל. אַ, יונג
(פֿריצײַטיק, פֿאַר דער צײַט) פֿון דער וועלט.
11. פּד. זײַן פֿאַרבײַ, (האַלטן בײַם) חלשן, ממש
אויסגיין. „וואָס? דאָס פֿאַרמעגן האָט ער
אינגאַנצן אָנגעוואוירן? איך בין אַ'! אַזוי אַן

רות...“, עט, סערקעלע. *דאָס האַרץ איז (מיר,
אים, בײַ אים, בײַ איך אאַזוו) אַ, (פּד)=
הונגעריק פֿאַרחלשט. „כלעבן עס איז מיר דאָס

,
האַרץ אַ,, איך וואָלט מיך גערן מיט עפּעס
דערקוויקט“, טעיאַטאָר. ,,האָסט שוין געדאַוונט?
טאָ גיי פֿריִער עפּעס איבּערבּײַסן, ס'האַרץ איז
דאָך דיר מסתמא אַ,!“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אַוועק — קאָנווערבּ (פֿאַרבּונדן אין אינפֿ און
פּאַ , בּאַזונדער און נאָכן שטאַם פֿון ווערבּ אי□
אימפּ און איצ). געוויינטלעך גיט צו די בּבּ:
1. פֿאָרקומען, געשען, טאָן אַ לענגערע צײַט,
ווי: אַוועקאַרבּעטן בּיז אין □יטן נאַכט;
אַוועקדינען בּיזן גרויען צאָפּ, אַוועקשרײַבּן אַ ווערק
אפֿשר פֿינף יאָר אאַזוו. 2. דערווײַטערן (זיך)
פֿון אַ געוויס אָרט צו אַ בּאַשטימט אָדער
אומבּאַשטימט אָרט (אויף אַ ווײַטערן שטח), ווי:
אַוועקפֿאָרן פֿון יעהופּעץ קיין בּויבּעריק; אַוועק
פֿליִען אין די וואַרעמע לענדער; אַוועקשטראָמען
בּיזן ים אאַזוו. 3. בּאַזײַטיקן, אָפּטיילן,
בּאַפֿרײַען פֿון עפּעס, ווי: אַוועקהאַקן די קאָרע;
אַוועקוואַשן די פֿלעקן; אַוועקשווענקען דעם
בּרוד אאַזוו. 4. בּיזן סוף, אינגאַנצן עפּעס
טאָן, דורכפֿירן, ווי: אַוועקהרגענען,
אַוועקקוילענען, אַוועקקויפֿן אאַזוו. 5. פֿאַרקירעווען
אין אַן אַנדער ריכטונג, בּרענגען אין אָן אַנ..
דער זײַט, ווי: אַוועקקערן דעם קאָפּ,

אַוועקשאַרן עפּעס אין ווינקל, אַוועקשיטן פֿאַר דער טיר אאַזוו. קען האָבן מער ווי איין באַטײַט גלײַכצײַטיק. אַלע אַנדערע בבֿ זען אין די ווײַטערדיקע ווערטער. אין ר י י ד אָפֿטער ווי אין ליטעראַטור.

אַוועקאַ'ווירן — אוטוו. אַוויר אַוועק, ~ גאַוווירט. 1. אָנהייבן צו פֿאַרשפּרייטן אַ שלעכטן ריח אַרום (פֿון) זיך. 2. אַווירן אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ גאַנצן אויפֿדערנאַכט. 3. זיך אָפּטראָגן פֿאַרלאָזן דאָס אָרט. וואול. אַוויר

,

אַוועק פֿון דאַנעט.

אַוועקאָטעמען — אוטוו. אָטעם אַוועק, ~ געאָטעמט. 1. אָנהייבן צו אָטעמען. נאָכן מאַסאַזשירן האָט דער חולה אַוועקגעאָטעמט. 2. אָטעמען אַ לענגערע צײַט. דער חולה האָט נאָך אַוועקגעאָטעמט גאַנצע עטלעכע שעה. 3. אָטע מען אין אַ זײַט. אַ, יענער זאָל ניט הערן דעם ריח פֿון מויל. 4. טרוו. אַ▯ועקבלאָזן▯ אַוועק▯ יאָגן מיטן אָטעם. אַ, אַ שטיקל פּאַפּיר פֿון אָרט.

אַוועקאײַלן — אוטוו. אײַל אַוועק, ~געאײַלט.

-

זיך אַ לאָז טאָן פֿון אַרט ערגעץ אין אַ געוויסער ריכטונג. „איז יעדן אינדערפֿרי בײַ אים

געווען די ערשטע אַרבעט קויפֿן אַ צײַטונג און
מיט איר פֿלעגט ער אַ, אויף דער בירזשע“, מ.
טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק, 1929. אויך
מיט ז י ך. ,,טוא דיך ניט פֿון אים א,,
פֿר נעם רעכט זײַן וויינין אונ, היילין,,,
ה. ,,איך האָב געוואָלט פֿאַרפֿירן מיט אים
אַ שמועס, אָבער ער האָט זיך אַוועקגעאײַלט“,
מוק, באַגעגענישן II.
אַוועקאיילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
-
פֿון אַוועקאײַלן. אַן אַ, אויף דערהרגעט צו
ווערן.
אַוועקאייקען — אוטוו. אײַקע אַוועק, ~

געאײַקעט. 1. אָנהייבן אַרויסצוגעבן דעם קלאַנג

אַוועקבאַגעבן זיך

אײַ (קרעכצן פֿון ווייטיק, באַוואונדערן אאַ). אַז
מע האָט דערהערט די נײַס האָבן אָלע
אַוועקגעאײַקעט. 2. אײַקען אַ לענגערע צײַט. דער
חולה פֿלעגט אין גרויסע ווייטיקן אַ, טעג און
נעכט.
אַוועקאַכלען — טרוו. אַכל אַוועק, ~געאַכלט.

1. עסן אַ סך, פֿרעסן. אַ, אַן אָקס מיט די הערנער. 2. ניט וועלן אָדער מאַכן דעם אָנשטעל פֿון ניט וועלן עסן און דערבײַ אויפֿעסן אינגאַנצן ביזן סוף. „די געסט האָבן זיך געבֿרעקלט, געדרייט מיט דער נאָז און האָבן דווקא אַוועקגעאַכלט אַלץ ביז אַ ברעקל", רייד.

אַוועקאַמפּערן זיך — אוטוו. אַמפּער זיך אַוועק, זיך ~געאַמפּערט. 1. אומנייטיק זיך אַמפּערן, דיסקוטירן, שפּאַרן זיך אַ לאַנגע צײַט (צוליבֿ עקשנות, בטלנות אע). „אַ היפּשע צײַט האָבן אונדזערע פּאַרשוינען זיך אַוועקגעאַמפּערט", ממוס, מסעות. 2. זיך עסקן מיט כּוח און אומגעדולדיקייט; זיך אָנשטרענגען בײַצוקומען. „שמואליק איז געווען אַזוי צעטראָגן פֿאַר שׂמחה, אַז ער האָט זיך מיט דער שבתדיקער קאַפּאָטע אַוועקגעאַמפּערט היפּשע ווײַלע, ביז ער האָט קוים געפֿונען די אַרבל", שע, יאָמעלע סאָלאָוויי.

אַדעקאַסרן — טרוו. אַסר וועק, ~געאַסרט. אַרויפֿלייגן אַן איסור, פֿאַרבאָטן מיט דער פֿולער האַרבקייט פֿון דין. אַ, אַ שחיטה, לאָזן אַ שטאָט אָן פֿלייש אויף שבת.

אַוועקאַקערן — טרוו. אַקער אַוועק, ~ געאַקערט. 1. גראָבן אַ פֿעלד אע מיט אַן אַקער

און בּרענגען די טואונג צו שלימות. אַ, דאָס
פֿעלד. 2. דערווײַטערן, אַראָפּנעמען
ווילדגראָז אע מיט אייבּערשטער שיכט ערד. אַ, דאָס
ווילדגראָז, די דערנער. 3. אוטוו —
האָרעווען אויף עפּעס שווער אָדער אַ לאָנגע צײַט.
„אַ, מיטן עם־האַרץ טעג און וואָכן, בּיז דער
גראָבּער קאָפּ וועט עפּעס כאַפּן“.
אַוועקאַרבּעטן — אַרבּעט אַוועק, ~
געאַרבּעט. אוטוו — טאָן עפּעס אַ לענגערע צײַט
מער און שווערער ווי ס'איז נייטיק (צוליב
אַמבּיציע, עקשנות, צו־להכעיס). „בּײַ מיר איז
רעכט...איך זאָל אַ, אין אַמעריקע אַ יאָר און
צוויי און דרײַ...,,, שע, בּלאָנדזענדע שטערן II.
טרוו — אַרבּעטן געדויערדיק און מיט מי. אַ,
אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעס.
אַוועקבּאָבּרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אַוועק,
זיך ~געבּאָבּרעט. מיט עפּעס זיך מתעסק זײַן,
זיך פֿאַרנעמען מער, ▯ ענגער ווי ס'איז נייטיק.
(מחמת ניט־בּאַהאַוונטקייט, פּעדאַנטישקייט,
פֿוילקייט אע.) „אָט אַזוי איז מינדלס גאַנג,
אין דאָס מינדסטע פּיצל זיך אַוועקצובּאָבּרען
לאַנג, זוכן עפּעס דאָרט אַ שפּיצל“, ממוס,
יודל.
אַוועקבּאַגלייטן — טרוו. בּאַגלייט אַוועק,

~באַגלייט. 1. עמעצן אָדער עפּעס באַגלייטן
אַ שטיק וועג(ס) אָדער אויף אַ לענגערער צײַט.
אַ אַ גאַסט. 2. אַרויספּטרן עמעצן. אַ, דעם
,

נודניק.
אַוועקבאַנעבן זיך — אוטוו. באַגעב (?)
זיך אַוועק, זיך ~באַגעבן. אַרכ. אַוועקגיין,
פֿאַרלאָזן אָדער אויסמײַדן אַן אָרט. „...דאַן

אַוועקבאָדן זיך

זאָלין אלי זיך פֿון דאָרט אַוועק בגעבן דז קיינר
מעהר זאָל לענגר אַל דאָרט פֿר בלײַבן„, '
פּראגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ„ז, [ייִבל I].
אַוועקבאָדן זיך — אוטוו. באָד זיך אַוועק,
זיך ~געבאָדן. אַ לענגערע צײַט זיך באָדן;
פֿאַרגעסן די צײַט אַרויסצוגיין פֿון באָד. אַ, זיך
ביז איןווינטער אַרײַן.
אַוועקבאַהאַלטן — טרוו. באַהאַלט אַוועק,
~באַהאַלטן. גוט באַהאַלטן; אַוועקלייגן אין
א זיכער אָרט. אַ אַ יקר־המציאות פֿון אַ פֿרעמד
,

-

אויג.

אַוועקבאַוועגן זיך — אוטוו. באַוועג זיך אַוועק, זיך ~באַוועגט פֿון אָרט וואו מען איז

—

.

זיך באַוועגן ערגעץ וואוהין. ,,מענטש זײַן הייסט: זיך באַוועגן, זיך אַ, פֿון זיך זעלבסט וואו ניט איז“, נאַד.

אַוועקבאָטן — טרוו. באָט אַוועק, ~געבאָטן. אַרויסקומען (בײַם קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן) מיט אַ ניט־פּאַסיקן פּרײַז וואָס שטימט ניט מיטן ווערט פֿון דער סחורה. אַ אַ פּרײַז, אַז ס'זאָל

,

פֿאַרגיין דער חשק צו קויפֿן (פֿאַרקויפֿן).

אַוועקבאַלאַקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~(גע)־באַלאַקעט. אַ לאַנגע צײַט, איבער דער מאָס ריידן פּוסטע רייד. אַ, אַ גאַנצן אָוונט וועגן שמאָנצעס, נאַרישקייטן.

אַוועקבאָלבען — ־בע אַוועק, ~געבאָלבעט. אוטוו — ריידן פּוסטע רייד, אָנהייבן אָדער ענדיקן פלאַפלען. טרוו — אַרויסברענגען עפּעס אַ סוד.

אַוועקבאַלייטן — טרוו. באַלייט אַוועק,

~באַלייט. אַרכ פֿטמ. דזוו
אַוועקבאַ,
גלייטן ←. ,,דאז מן דען שבת זינגנדיג הין
וועק בילאייט,,, מנהגים, 1590, ב.
אַוועקבאַלעווען — טרוו. ־עווע אַוועק, ~
געבאַלעוועט. 1. צעבאַלעווען פֿאַרציִען; קאַליע
,
מאַכן דורך באַלעווען. אַ, דעם בן־יחיד. 2.
באַלעווען אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ קינד ביז צו
דער חתונה.
אַוועקבאַלעמוטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק,
~(גע)באַלעמוטשעט. פֿאַרנעמען זיך אַ לאַנגע
צײַט מיט פוסטע זאַכן, אַוועקפטרן די צײַט
מיט גאָרניט. אַ, אַ פאָר שעה.
אַוועקבאַצאָלן — טרוו. (איצ, אימפ נב), ~
באַצאָלט. באַצאָלן מער ווי ס'האָט די ווערט
אָדער איבער די מעגלעכקייטן; באַצאָלן
ענדגילטיק אָדער מיט שוועריקייטן. אַ, כפֿל־כפֿלים
און מאַכן אַ סוף צו דעם.
אַוועקבאַקן — טרוו. באַק אַוועק, ~געבאַקט,
~געבאַקן. באַקן אַ לענגערע צײַט. גאַנצע
נעכט אַ, מצות.
אַוועקבאָרגן — טרוו. באָרג אַוועק, ~
געבאָרגט. אויסבאָרגן, געבן עמעצן צו באַניצן

זיך מיט עפּעס אַ לענגערע צײַט; בּאָרגן איבּער די אייגענע מעגלעכקייטן. „אַ ווײַבּ און אַ פֿערד בּאָרגט מען ניט אַוועק“, שוו. „דאָס שעפֿל פֿון בּאָד בּאָרגט מען ניט אַוועק“, שוו.

אַוועקבּאָרען זיך — אוטוו. בּאָרע זיך אַוועק, זיך ~געבּאָרעט. ראַנגלען זיך אַ לענגערע צײַט. „און יעקבֿ האָט זיך אַוועקגעבּאָרעט מיטן מלאך אַ גאַנצע נאַכט“.

7(

אַוועקבּאַרשטן — טרוו. בּאַרשט אַוועק, ~געבּאַרשט. מיט אַ בּאַרשט גרינטלעך אָפּרייניקן, אָפּרוימען עפּעס פֿון עפּעס. אַ, די פֿעדערן פֿון מלבּוש.

אַוועקבּויען — טרוו. בּוי אַוועק, ~געבּויט. בּרייט זיך פֿאַרמעסטן צו בּויען (שאַפֿן). אַ, פּיתום מיט רעמסס. אַ, אַ גרויס ליטעראַריש ווערק.

אַוועקבּויערן — טרוו. בּויער אַוועק, ~געבּויערט. 1. בּויערן אַ לענגערע צײַט. 2. דורך בּויערן אַראָפּנעמען אַ טייל פֿון דער זאַך אָדער די גאַנצע זאַך. אַ אַ שפּיצל צאָן;

,

אַ אַ פֿעלדז.

,

אַוועקבּוכקען — ־קע אַוועק, ~געבּוכקעט.
אוטוו — זיך אָפּטראָגן, דערווײַטערן זיו ערגעץ
מיט אַ בּוכקען, קלאַפּערײַ. „דער וואָגן
בּוכקעט אַוועק איבּער די שטיינער“. טדוו —
אַוועקוואַרפֿן מיט אַ קנאַקערײַ. אַ אַ כּלי אויף

,

-

דער ערד.
אַוועקבּוצקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געבּוצקעט. 1. אַוועקשטויסן, אָפּשטויסן. אַ, אַ
שטיינדל פֿון וועג. 2. אַוועקטרײַבּן מיט
פֿויסטן, קלעפּ.
אַוועקבּוצקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. קזוו. שטויסן זיך, גוטמוטיק זיך געבּן
קלעפּ (מיט פֿויסטן, הערנער). „דאָס זײַנען
געווען אַפּנים ציגן־בּטלנים, וואָס האָבּן...
זיך דאָ טאַקע אַוועקגעבּוצקעט אַ היפּשע צײַט“,
ממוס, ספֿר הבּהמות. 2. זיך פּאָרען, עסקן
זיך אַ לענגערע צײַט מיט עפּעס. „איר דאַרפֿט
זיך אַ, 2 שעה רצופֿים, בּיז איינער פֿון אײַו

וועט פֿריִער אַרויסלויפֿן קטנים..."", דלוגאַטש, וועלט־מטורה, וואַרשע 1881.

אַוועקבּורטשען — ־טשע אַוועק, ~ געבּורטשעט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט בּורטשען, אַרויסגעבּן ניט־קלאָרע קלאַנגען. טרוו — דזוו אויסבּורטשען ←. אַ, דעם ענטפֿער.

אַוועקבּושעווען — אוטוו. ־שעווע אַוועק, ~געבּושעוועט. 1. שטורעמען, זײַן בּרויזיק, ווילד אַ לענגערע צײַט. דער שטורעמווינט האָט אַוועקגעבּושעוועט אַ גאַנצע נאַכט. 2. לאָזן זיך מיט שטורעם ערגעץ ווײַטער. דער שטורעמווינט האָט אַוועקגעבּושעוועט פֿון דאַנעט.

אַוועקבּטלען — [...בּאַטלען] טרוו. בּטל [בּאַטל] אַוועק, ~געבּטלט. 1. צעפּטרן, איבּערפֿירן אַ טואונג. אַ אַ דרשה. 2. פּטרן

,

אַ לענגערע צײַט אויף גאָרנישט. אַ, די עלטערע יאָרן.

אַוועקבּייגן — טרוו. בּייג אַוועק, ~געבּויגן. 1. אָפּקערן, אָפּנייגן פֿון עפּעס. בּייג אַוועק דעם קאָפּ, ווײַל דו קענסט כאַפּן אַ קלאַפּ. ,,איר, רבּנים פֿאַרוואָס בּייגט איר אַוועק אײַ,

ערע אויגן און איר ווילט נישט זען....“, א. מאָרגנשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898. 2. מאַכן פֿאַלדן בײַם ברעג (פֿון פּאַפּיר, שטאָף, בלעך). 3. ניט צולאָזן, ניט לאָזן קומען אין באַרירונג. „[אין] לאָמפּ...טאָר מען ניט אַוועקבייגן דעם אייל פֿונעם קנייטל“, לט2. 4. איבערהיפּן, טאָן עפּעס לפּנים ווען. אַ, דאָס

לעראַוועקבלאָנדזשעניש

נען, דאָס דאַוונען. אָפּט מיט ז י ו. „וואָרן והא ראַיה בייג דיך פֿון גלאָז אַוועק און הייב אָן צו קוקן אויף דעם אַנדערן עק“, טעיאַטאָר.

אַוועקבייזערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אַוועק, זיך ~געבייזערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זיו בייזערן. זיו אַ, אויף עמעצן.

אַוועקבײַטן — טרוו. בײַט אַוועק, ~געביטן. אויך מיט ז י ך פֿאַרענדיקן אַן אויסבײַט פֿון

.

זאַכן אויף זאַכן. אַ, קליידער אויף ברויט.

אַוועקבײַטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקבײַטן. אַן אַ, פֿון נישט אויף גאָרנישט.

אַוועקבײַטשן — טרוו. בײַטש אַוועק, ~

געבײַטשט. נעאָל. אַוועקטרײַבן מיט בײַטשן; שלאָגן, בײַטשן כּדי מע זאָל אַוועק. "ווער האָט איך אַוועקגעבײַטשט מיט בײַטשן פֿון צוקער שטעקנס צו וואוינען אויף האַרצווייטיק־גאַס", אהדן קורץ, הײַנטיקע לידער.

אַוועקבּיינדלען — טרוו. בּיינדל אַוועק, ~ געבּיינדלט. אויסרייניקן פֿון בּיינדלעך (געוויינטלעך אין פּראָצעס פֿון עסן). אַ, ווײַנשל, פֿלוימען אע. אַ, פֿיש.

אַוועקבּייסן — טרוו. בּײַס אַוועק, ~געבּיסן.

-

1. אָפּבּײַסן פֿון עפּעס אַ טייל. אַ, אַ העלפֿט פֿון אַ רעפֿטל בּרויט. 2. אָפּהאַקן, אָפּשנײַדן. אַ אַ דראָט. 3. צעשטעכן (ווען בּינען אאַ).

,

די בּינען האָבּן אים אַוועקגעבּיסן. 4. יאַדען, ערגערן. „מיט איר מויל קען זי אַ, ניט נאָר אַ מאַן, נאָר אַן אָגער מיטן רײַטער".

אַוועקבּילן — אוטוו. בּיל אַוועק, ~געבּילט, ~געבּולן. 1. בּילן אַ לענגערע צײַט. דער הונט האָט אַוועקגעבּילט בּיזן טאָג אַרײַן. 2. אַוועקזאָגן, אַוועקזינגען אויף אַ שלעכטן אופֿן. „...„זמירות טוא ניט אַוועק בּילין„„

.II ה

אַוועקבּינדן — טרוו. בּינד אַוועק, ~געבּונדן.
1. בּינדן אַ לענגערע צײַט. אַ, סנאָפּעס.
2. בּינדן און אַוועקלייגן. 3. פֿאַרבּינדן;
אויסבּינדן ←.
אַוועקבּלאָזן — טרוו. בּלאָז אַוועק, ~געבּלאָזן.
1. מיט דער בּאַוועגונג פֿון לופֿט אַוועקטרײַבּן,
אַוועקטראָגן עפּעס. „דאָס מוקצה טאָר ער אַפֿילו
ניט אַוועקרוקן פֿון דעם אָרט, אָבּער ער מאג
עס אַוועקבּלאָזן מיט אָטעם“, לט2. 2.
אָפּשטויסן אין אַ זײַט; אַוועקמאַכן דורך רייד.
„ווען מיר ניט אַ, און אַוועקפּלפּולן די
בּאַרעכטיקונג....“, ש. בּיקל, טמז, 30 1954 I.
אַוועקבּלאָנדזשען
— אוטוו. ־דזשע
).
-
ק,
לאָנדזיען ־ י
אוו
~געבּלאָנדזשעט. אויך: בּ ,
ען. 1. זיך לאָזן אין אַ ניט־ריכטיקן וועג. די
בּהמות בּלאָנדזשען אַוועק אין וואַלד. 2. זיך
ווענדן צו פֿרעמדע אידייען. „איצט
בּלאָנדזשעסטו אַוועק. ס'האָט דיך די פֿרעמד

פֿאַרשלעפּט“, יג.
אַוועקבלאָנדזשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראַצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקבלאָנדזשען.
„צי וועלן די קינדער זײַן אַזוי פֿיל ענלעך צו
אונדז, ווי ענלעך מיר זײַנען צו אונדזערע
עלטערן טראָץ אַלע בלאָנדזשענישן און אַ'ן“, יג,
טמז, 14 57 ‏ I.

אַוועקבלוקען

אַוועקבלוקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געבלוקעט. אוקר. זיך לאָזן אַרומוואַנדרעווען אָן
אַ באַשטימטן ציל. אַ, אין דער וועלט אַרײַן.
אַוועקבלייביק — אַדי. נעאָל. סטוטש. וואָס
--
פֿעלט דאָ; וואָס בלײַבט צוליב עפּעס ערגעץ
אַנדערשוואו. אַן אַ'ער עדות, אָנגעקלאָגטער.
אַוועקבלייבן — אוטוו. בלײַב אַוועק, בין
-
~געבליבן. 1. בלײַבן אין דרויסן, מחוץ
דעם אָרט וועגן וועלכן עס רעדט זיך. „האָשטו
צווייא געשט בייא דיר גיהאט און וועהר דיר
וואַש פֿר אומטרויט גיוואָרן. קעמט [=אויב
עס קומט] איינר ווידר צו דיר, מאגשטו צו אים

זאָגן ער זאָל אַ',,, עיון, 2/32. 2. בּלײַבן
הינטערשטעליק. ,,די מענער זײַנען געגאַנגען
פֿאָרויס, די פֿרויען זײַנען אַוועקגעבּליבן“.
3. איבּערבּלײַבן. אַ, נאָך (פֿון) דער סעודה.
4. קראַנק ווערן, פּלוצעם פֿאַרשלאַפֿט ווערן.

אַוועקבּל▯ען — אוטוו. בּלי אַוועק, ~
גענבּליט. 1. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט
בּליִען. ,,אין אַ פֿרילינגדיקן טאָג האָט דער
מאַנדלבּוים אַוועקגעבּליט“. 2 פֿאַרבּליִען,
.
אויפֿהערן בּליִען. ,,ס'איז שפּעטהאַרבּסט, אַלע
בּלומען שוין אַוועקגעבּליט“.

אַוועקבּליצן — אוטוו. בּליץ אַוועק, ~
געבּליצט. 1. בּליצן אַ לענגערע צײַט. 2.
זייער גיך זיך אָפּטראָגן, ווי אַ בּליץ. אַ, אדיפֿן
פֿלינקן פֿערד. 3. גיך און ▯.ף
אָריבּערשפּרינגען אין אַ ווײַטן ענין. אַ, מיטן שאַרפֿן
געדאַנק.

אַוועקבּליקן — אוטוו. בּליק אַוועק, ~
געבּליקט. 1. ניט לייגן קיין אַכט. זיך מאַכן
ווי מע בּאַמערקט ניט. אַ, פֿון עמעצן. 2. מוחל
זײַן. אַ, פֿון עמעצנס אַ קרומען גאַנג. 3. דזוו
אַוועקקוקן ←.

אַוועקבּלעטערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~

גע‎בּ‎לעטערט. 1. בּלעטערן ווײַטער, צעמישן וואו מע האַלט. אַ, די זײַט, וואו מע האַלט אין מיטן לייענען. 2. פֿאַרגעסן מיט אַ כּיוון, מוחל זײַן. אַ, אַ ניט־אָנגענעמע געשיכטע.
אַוועקבּלענדן — אוטוו. בּלענד אַוועק, ~ געבּלענדט. אויסשטראַלן פֿון זיך אַ העלקייט אין דער ווײַט אַרײַן. אַ, מיט אַ שאַרפֿער שײַן אין דער נאַכט אַרײַן.
אַוועקבּלעקען — ־קע אַוועק, ~ געבּלעקעט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט בּלעקען. אַרויסגעבּן קלאַנגען (וועגן שעפּסן). טרוו — (מיט בּיטול) אַרויסבּרענגען עפּעס, וואָס לויט קלאַנגען אָדער לויט אינהאַלט דערמאָנט עס אין אַ שעפּס. אַ אַן אַריע,

,

אַ רעדע.
אַוועקבּעבּען — אוטוו. בּעבּע אַוועק, ~ געבּעבּעט. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט בּעבּען, ריידן אומקלאָר, שטותים אע. אויף דער עלטער אַ, ווי אַ קינד.
אַוועקבּעטלען — טרוו. ־טל אַוועק, ~ געבּעטלט. 1. אַ לענגערע צײַט בּעטלען. אַ, נדבֿות כּל־זמן די פֿיס טראָגן. 2. קריגן עפּעס

פֿאַר זיך דורך אויסבעטלען. אַ, פֿון ברודער
די מתּנה.
אַוועקבעקען — בעקע אַוועק, ~געבעקעט.
אומוו — אַרויסלאָזן קלאַנגען (ווי אַ ציג,
שעפּס) אַ לענגערע צײַט. טרוו — אָנהייבן צו

דערציילן עפּעס וואָס מע דאַרף פֿאַרשווײַגן.
אַ', דערציילן אַלץ וואָס אונטער די נעגל
טוט זיך.
אַוועקבראָדזשען — אוטוו. ־דזשע אַוועק,
~געבראָדזשעט. אויך: ~בראָדזיען. 1. זיך
לאָזן ערגעץ גיין (איבער וואַסער, שניי,
בלאָטע). אַ, דורך די פֿאַרטרונקענע לאָנקעס.
2. לאָזן זיך ערגעץ אין וועג אָן אַ ציל. אַ,
אין דער וועלט אַרײַן.
אַוועקבראַזגען — ־גע אַוועק, ~געבראַזגעט.
אוטוו — זיך לאָזן ערגעץ־וואוהין מיט
אימפּעט, קלאַפּערײַ. דער וואָגן האָט
אַוועקגעבראַזגעט באַרג־אַראָפּ. טרוו — אַוועקנעמען
עפּעס
פֿון אָרט מיט אַ שטאַרק קלאַפּן; צעשטערן. אַ,
דעם פּלויט.

אַוועקבראָקן — טרוו. בראָק אַוועק, ~
געבראָקט. בראָקן עפּעס און עס לייגן
באַזונדער (אין פּסולת אָדער אין אַ בעסערן סאָרט).
אַ, די שפּיצן פֿון די טאַבעק־בלעטער.
אַוועקבראַקעווען — טרוו. ־עווע אַוועק,
~געבראַקעוועט. 1. אויסטיילן, אַרויסנעמען
פֿון עפּעס דאָס שלעכטע. אַ, סחורה. 2
פּאַר.
בראַקירן.
אַוועקברודיקן — טרוו. ־דיק אַוועק, ~
געברודיק ו. אינגאַנצן שמוציק מאַכן. אַ, די
מלבושים, דאָס הויז אאַ.
אַוועקבריזגען — אַנטוו & טרוו. ־גע אַוועק,
~געבריזגעט. סל. אַוועקשפּריצן.
אַוועקברײַען — טרוו. ברײַ(ע) אַוועק, ~
געברײַ(ע)ט. 1. ברײַען ממש אָדער רעדן אַ
לענגערע צײַט. 2. אָנהייבן צו דערווײַזן מיט
דרינגענישן און חקירות, מיט פֿוילע ראַיות.
„האָט ער צונויפֿגעפּירט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט
און אַוועקגעברײַעט...“.
אַוועקברילן — בריל אַוועק, ~געברילט.
אוטוו — 1. אַרויסלאָזן קלאַנגען (ווי אַ לייב).
„דער לייב האָט אַוועקגעברילט, דער וואַלד איז
פֿאַרציטערט געוואָרן“. 2. ברילן אַ לענגערע

צײַט. טרוו — אַרויסבּרענגען עפּעס מיט קלאַנגען וואָס דערמאָנען אין אַ לייב. אַ, אַ רעדע אויף אַ וואַל־פֿאַרזאַמלונג.

אַוועקבּר▯ען — טרוו. בּרי אַוועק, ~געבּריט. 1. בּאַגיסן אָדער אַוועקגיסן מיט זודיק וואַסער. 2. האַלטן עפּעס אין אַ טעמפּעראַטור נאָנט צו אָדער העכער ווי 100 גראַד צעלסיוס. 3. בּריִען (← אויסבּריִען) אַ לענגערע צײַט. אַ, אייער, הינדעלעך.

אַוועקבּריקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געבּריקעט. אַוועקשטויסן עפּעס אָדער עמעצן מיט אַ פֿוס (פֿיס). אַ אַ הונט פֿון וועג.

,

אַוועקבּרעכן — טרוו. בּרעך אַוועק, ~ געבּראָכן. 1. אַוועקטײלן דורך אָפּבּרעכן. אַ, די צעפֿוילטע שטיקלעך האָלץ. 2. אָפּרײַסן. אַ אַ שלאָס. 3. אויסבּרעכן דאָס געגעסענע,

,

אַוועקמייקענען ←.

אַוועקבּרעכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָפּטײלן זיך, אָפּרײַסן זיך. אַ פּאָר בּרעטער האָבן זיך אַוועקגעבּראָכן פֿון פּלויט.

אַוועקבּרענגען — טרוו. בּרענג אַוועק, ~

געבראָכט, ~געבּרענגט. 1. אָפּבּרענגען, אָפּטראָגן. אַ, עפּעס צו עמעצן. 2. אַוועקנעמען

אַוועקגזלע(נע)ן

(פֿון דער וועלט), טייטן, דערהרגענען. „דעם אַלטן אַוועקגעבּרענגט....„ בּימקאָ. „געלט בּרענגט דעם מענטש אַוועק פֿון בּיידע וועלטן“, חא, מח/בּ.
3. בּטל מאַכן. אַרכ. „אַז דער דין איז...שולט איז זײַן כּוח גאָר שטאַרק. ווער קאָן אים ווידר אַ, פֿון עולם?„ נצ1, ד/ג.
אַוועקבּרענגען זיך — ← דפֿוו. זיך מקריבֿ זײַן; אומבּרענגען זיך. “שוין כ'לעבּן עס איז פֿון דער וועלט אַן עק, זע נאָר! דו בּרענגסט דיך אַליין אַוועק!„ טעיאַטאָר. „דאָך געפֿינען מיר אין יעדן דור מענטשן וואָס בּרענגען זיך אַוועק פֿאַר דעם כּלל־ישׂראל“, ארז, קמ, 1867, No 16. „כ'האָבּ אַ סך פֿון דײַן אַ, זיך: וואַסער אויף קאַשע“, בּימקאָ.
אַוועקבּרענען — בּרען אַוועק, ~געבּרענט. אוטוו — 1 פֿאַרבּרענט ווערן בּיזן סוף. „דאָס הויז האָט אַוועקגעבּרענט בּיזן גרונט“.

2. ליגן אין שטאַרקן פֿיבער אָ לענגערע צײַט. ,,דער טיפֿוס־קראַנקער האָט אַוועקגעבּרענט אַ פּאָר מעת־לעת“.

טרוו — 1. בּאַזײַטיקן עפּעס דורך בּרענען. אַ, די צויטן פֿון מלבּוש. ,,וואַר דז עוף גין און, בּרענגס איין קרויט און, גאבּ עז או□ף דען נאגיל און, בּרענד אים אַוועק,,, □tיח ה□דה, פֿיורדא, 1737. 2. אַ סך פֿאַרלירן, דערלייגן אין מסחר אע. אַ, אין געשעפֿט אַן אוצר מיט געלט.

אַוועקבּרעקלען — טרוו. בּרעקל אַוועק, ~ געבּרעקלט. אָפּטיילן פֿון עפּעס צו שטיקלעך און בּרעקלעך. אַ, חלה אויך פֿאַר די פֿייגעלעך.

אַוועקבּרעקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַוועקבּרעכן זיך אין זייער קליינע טיילעכלעך. ס'האָט זיך אַוועקגעבּרעקלט אַ שטיקל פּלאָמבּע פֿון צאָן. 2. מאַכן אָנשטעלן, כּלומרשט זיך אָפּזאָגן און בּאמת ועלן. אַ, זיך וו אַן אַלטע פּאַנע.

י

אַוועקגאָלן — טרוו. גאָל אַוועק, ~געגאָלט. אַוועקשנײַדן בּיז צום לײַבּ האָר מיט אַ גאָלמעסער(ל). (געוויינטלעך דאָרטן וואו מע גאָלט ניט). אַ, די האָר אַרום דעם געשוויר.

אַוועקגאַנג — דער, ~גענג (אויך: ~ גאַנגען). 1. אַקט פֿון אַוועקגיין, דאָס לאָזן זיך אין אַן אַנדער אָרט, אָפּשייד. „...לידלעך פֿון ייִדישע רעקרוטן ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליבע פֿאַרן אַ, אין דינסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן„, ממוס, שלמה ר, חיימס. „דער שבתדיקער בין־השמשות האָט אַרויסבאַלייט די שבת מלכתא, דער ייִד האָט איבערגעלעבט דעם אַ'„, אפֿאַ, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. 2. פּטירה. דעם רבינס אַ'. צײַט, טמז, 30 l953 X.

אַוועקגזלע(נע)ן — [...גאַזלע(נע)ן] טרוו. גזל [גאַזל] אַוועק, ~געזלט. 1. באַרויבן, צונעמען פֿון עמעצן אויף כוח, בגוואַלד. „מײַן איינציקן זון יוסף האָבן בײַ מיר די לאָווטשיקעס אויך אַוועקגעזלט“, ספּ, ייִדישער קאַלאָניסט. 2. צונעמען עפּעס פֿון עמעצן אָן רעכט. „נו, אדרבא, מעג מען דאָס טין? נאָר טעות גוי איז מותר, אָבער ניט אַוועקצוגזלען דאָס וואָס דער גוי אַרבעט שווער און ביטעד“, טעיאַטאָר. 3. צורויבן דורך פֿאַלשן משפּט.

אַוועקגיי

„מע פֿאַרצוקט דעם אָרעמאַן און מע גזלט

אַוועק דעם משפּט, כלומר מע משפּט ניט
אמת״, חה.
אַוועקגיי — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון
אַוועקגיין, אָפּשייד, פֿאַרשווינדונג; גסיסה, פּטירה.
אַוועקגייאונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אַוועקגיין. 2. טויט, פּטירה. „אַפֿילו עס וועט
קומען די צײַט פֿון אַ, — מיט פֿיל זיסקייט
וועט זײַן דײַן ליגונג, און אָן צער און חרפּה
וועט זײַן דײַן שלאָפֿונג״, ישרי לבֿ, ווילנע
1867, טז/בֿ.
אַוועקגיין — אוטוו. גיי אַוועק, בין ~
געגאַנ(ג)ען (האָבֿ אין אַ צאָל לר, ווי: גראָדנע,
דענעבאָרג, צום טייל ביאַליסטאָק, אָפּט אין לשון
פֿון יונגן דור צווישן ביידע וועלט־מלחמות).
1. (וועגן אַלע פֿיסיקע באַשעפֿענישן) זיך לאָזן
צו פֿוס אין אַ וועלכער ניט איז ריכטונג
פֿאַר,
לאָזנדיק דאָס אָרט וואו מע געפֿינט זיך. „ביידע
קינדער הייבן זיך אויף און גייען אַוועק
אומעטיק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ״, ממוס, שלמה
ר, חיימם. קללה: „ניט דערלעבן זאָלסטו
אַוועקצוגיין פֿון דעם אָרט!״. ״נאָר מײַן
קליאַטשע אָבער האָט אין מיטן דעם שמועס
פּלוצעם זיך אויפֿגעשטעלט און אַוועקגעגאַנגען

ווײַטער אַ ביסל“, ממוס, קליאַטשע. „דאָ איז
אַ מנהג אַז דער וואָס האָט ניט קיין צײַט צו
וואַרטן — קען זיך אַ''“, פּה, פֿון ווײַטע
לענדער. 2. (וועגן מענטשן) אויף וואָסער ניט
איז אופֿן פֿאַרלאָזן אָרט וואו מע געפֿינט זיך,
און זיך באַוועגן צו אַ ציל. אויך: אַוועקרײַטן,
אַוועקפֿאָרן. „קאַן ניט מאריך זיין, דער שליח
וויל מיר אַוועק גין“, פּראָגב, ז, 16. „אביר
דער יונגי פּרינץ זאַמט פֿירשט מאריטץ אונ,
אלי חשובֿים זענין בכלל גאַר גניגט הין וועק
גנגין“, גה, ז, 148. „געקומען איז ער געזונט
און אַוועקגעגאַנגען קראַנק„, פֿוול. אַ, פֿון די
אויגן. *אַ, מיט ליידיקן, אַ, מיט גאָרנישט; *אַ,
מיט אַ נאָז (מיט אַן אָפּגעשנײַצטער נאָז, אָבֿל
וחפֿוי ראָש, בחרפּה, בחרפּה ובבושה) = אַ, אַ
באַליידיקטער, נאָך אַ דורכפֿאַל. אַ, ווי אַ (די)

.

מויד פֿון טאַנץ; ווי אַ (די) קאַץ פֿון (דער)
מילך, פֿון סמעטענע = אַ, קעגן ווילן,
געצוואונגענערהייט. *אַ, ווי אַ קוימענקערער= אַ,
מיט אַ פֿינצטער פּנים, אַ פֿאַרחושכטער. „דער
גאָון פֿירט וויכּוחים מיטן קאַנאָניק, און דער

..

גייט שטענדיק אַוועק אָבֿל וחפֿוי ראָש, וו אַ

י

קוימענקערער", פּרץ, מײַנע זכרונות. שמעק אָפּ (אויס) דײַן חלק און גיי אַוועק — צו עמעצן וואָס איז אומצופֿרידן מיט אַ ריח (גראָב). 3. (וועגן זאַכן, מאַשינען). מער ניט בלײַבן אין פֿריערדיקן אָרט און זיך באַוועגן אין עפּעס אַ ריכטונג. אָנהייבן אַרבעטן דורך געדריי פֿון רעדער אָדער אַנדערע טיילן (פֿון מאַשין). „די באַן גייט אַוועק נײַן אין אָוונט". "דאַס דריידל גייט אַוועק אין ווינקל און שטעלט זיך דאָרטן שמונה־עשׂרה דאַוונען". „די מאַשין איז אַוועקגעגאַנגען, געאַרבעט אַ האַלבע שעה און זיך אָפּגעשטעלט".

4. זיך ווענדן צו עמעצן (מיט בקשה, טענה). אַ, צום פּריץ, צום מלווה, אין געריכט, צום בית־דין. 5. פֿאַרלאָזן, ניט האָבן צו

,

טאָן, אויסמײַדן. "אַז די כלה שעמט זיך (איז אַ שעמעוודיקע), דאַרפֿן די אונטערפֿירערס אַ"", שוו. "ווײַך אויך אויס, גייא אין אים נישט, טרעט פֿון אים אָפּ און גייא אַוועק". מס, משלי תקע"ד, 3, 15. „די בת־מלכּה האָט

געוויינט וואָס זי גייט אַוועק פֿון אירע פֿיל
אוהבֿים און אירע אוהבֿים האָבן זייער
געוויינט ווייל זי גייט אַוועק פֿון זיי„, קח. „ס'איז
פֿאַרוויסט דאָס ווײַב...געזעסן, [ער] פֿלעגט
אַוועקגיין און זי גאָר פֿאַרגעסן“, ממוס, יודל.
אַ, אין פּראָטשקעס = ניט לעבן מער
צוזאַ.

מען, וועגן מאַן און ווײַב. *אַ, אָן אַ זײַ־געו.
זונט= ניט זאָגנדיק קיינעם; ניט אויף אַן
איידעלן אופֿן. „אַ, זשע בשתּיקה, אָן דעם זײַ־
געזונט פֿאַרגעסן? איז עפּעס אויך פּריקרע, דאָס
איז אַ ביסל מעשׂה ליטוואַק„, ממוס, מסעות.
6. לאָזן אויף הפֿקר (אַ געוויסע צײַט). „אַז
דער קצבֿ גייט אַוועק, שפּרינגט דער הונט
אויפֿן קלאָץ“, שוו. 7. זיך נעמען צו עפּעס,
אָנהייבן זיך אויפֿצופֿירן אויף אַ נײַעם אופֿן
און זיך פֿאַרטיפֿן אין דעם נײַעם. אַ, אין
אָפּאָזיציע. אַ, אין חסידות, קבלה; אַ, אין מסחר.
„לערנסטו די נבֿיאים, גייסטו במילא אַוועק פֿון
חסידות“, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. *אַ, אין
עמעצנס וועגן = איבערנעמען עמעצנס
געדאַנקען, שיטה, אויפֿפֿירונג. „געזאָלט אין
פֿאָטערס וועג אַ„„ נס, משפּחה מאַשבער I.

8. אָנהייבּן זיך (ווען עפּעס וואָס ציט זיך אַ לענגערע צײַט). אַ, (אין) אַ טאַנץ. „עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שפּאַרעניש און אַ וועטעניש“, שע, קליינע מענטשעלעך. „און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ נײַער מזמור אויף דרײַ זייגערשעה“, שע, טבֿיה. „אַ, אַ ריקוד מיטן גאַנצן עולם“, לדבֿ. 9. פֿאַרלויפֿן אין צײַט, ציִען זיך אַ געוויסע צײַט און זיך פֿאַרענדיקן. די צײַט, דאָס לעבן, די גליקלעכע יוגנט, דער זומער, דער יום־טובֿ, די וואַקאַציע אע גייען אַוועק. „דער ליבער שבת גייט אַוועק און די וואָך קומט אָן“. „(דאָס) וואָס איז אַוועקגעגאַנגען קומט שוין ניט צוריק“, שוו. „אַזוי גייט אַוועק אַ לאַנגע צײַט, ביז דאָס קינד־לעבּ ווערט טאַקע אַ לײַט“, עט, לידער. „דערווײַל איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי דער ווינטער, און אונדזער בנימין נעבעך האָט זיך שטאַרק געמוטשעט“, ממוס, מסעות. *וואו דער ליבער שבת(־קודש) גייט אַוועק = גאָר אין ווײַטע מרחקים, ערגעץ אין אומבאַשטימטע ווײַטקייטן.

10) פֿאַרבּיטן ווערן מיט עפּעס אַנדערש.

▯

פֿאַרשוואונדן ווערן, ניט ווערן. אַ, מיטן רויך, מיטן פֿײַער. „דא נון די מויארן פֿון מקום

וואַרן אוועקין...", איין נייא קלאָגליד פֿון חורבן ק"ק וורמיישא, [אמשט, 1723] [פֿש III]. "איין געדאַנק קומט, דער אַנדערער גייט אַוועק", ממוס, 'בישיבָה של מטה,. ,,אין דעם שלאָף גייט אַלץ (זאָרג) אַוועק", שוו. ,,אַחוץ בעלי־בתּישע הײַזער, זענען אַוועקגעגאַנגען מיטן רויו בתּי־מדרשים און שולן", פּרץ, ,שטעט און שטעטלעך'. ,,וואָס ער פֿאַרדינט מיטן ווינט גייט אַוועק מיטן רויך", שוו. אַ, מיטן וואַסער, מיטן ווינט, מיטן שטויב, מיטן שטראָם, מיטן שטורעם. אַ, ווי דער

אַוועקגיין

נעכטיקער טאָג, ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי. 11. אויפֿהערו עפּעס צו טאָן; פֿאַרלאָזן אַן אַרבעט, אַ שטעל. אַ, פֿון דער שטעל. ,,דען מענכר אַרום בחור מוז אַוועק גיאן פֿון לערנין,,, עיון, 2/17. ,,רבֿ האָט דאָך געזאָגט אַז אַ פּועל קען חרטה האָבן אַפֿילו אין מיטן טאָג און אַ, פֿון די אַרבעט", שהמ, 9/בֿ. ,,,,און אויפֿדערנאַכט איז ער אַוועקגעגאַנגען פֿון די פֿרעמדע אַרבעט, האָט ער איין שעה געאַרבעט...,,, חה, 116. 12. זיך אָפּטאָן פֿון

עפּעס, זיך אָפּשיידן. „וואָס איז דער אונטער
שייד פֿון אַ, פֿון שלעכטס און...די בחינה פֿון
טאָן גוטס“, תּניא, עז. „אין אונדזער טראַגישער
צײַט דאַרף מען האָבן דעם כּוח אַוועקצוגיין
פֿון דער וועלט כּדי צו בויען אַ נײַע וועלט,
אַ באמת נײַע וועלט אינעם גײַסט פֿון די
גמרא־ייִדן, גלות־ייִדן, געטאָ־ייִדן“, א. מענעס,
פֿאָר, 26 1960 III.

13. אַוועקגיין פֿון דער וועלט, שטאַרבן.
„אַז סע (איז) געקומען די צײַט פֿון דעם זקן,
אַז ער זאָל אַ, פֿון דער וועלט, האָט ער....“,
נחב, 'מעשׂה מחכם'. „אָט איז בײַ אונדז נישט
לאַנג אַוועקגעגאַנגען איינע אַ נגידיתטע, אַ
ווײַבל בלוט און מילך“, שע, 'גענדז,. *אַ, אַ
באָרוועסער צו גאָט = שטאַרבן, איר, גראָבלעך.
אַ, כאַפּן פֿיש = דערטרונקען ווערן.

.

14 פֿאַרניצט ווערן, אויסגעבראַכט ווערן;

.

האָבן הוצאות. עס גייט אַוועק אַ סך (ווייניק)
געלט. „עס גייט אַוועק פּאַפּיר ווי אין הויף“,
פֿוול. דער גאַנצער צוקער גייט אַוועק אויף
אײַנגעמאַכטס. „גלאַט געלט וועט גלאַט אַ'“,
פֿוול. „די גאַנצע חלה גייט אַוועק אויף דער

המוציא", ,,דער (גאַנצער) נדן גייט אַוועק אויף שדכנות,,, ,,דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויף מציאות". ,,געלט גייט אַוועק — און אַ הונט בלייַבט אַ הונט", שוו. ,,דאָס גאַנצע מעות־חיטים גייט בײַם שיכּור אַוועק אויף חמצדיקן בראָנפֿן", שוו. ,,איך ווינטש מיר נאָר צו פֿאַרמאָגן וואָס עס גייט אים אַוועק אין איין חודש", עט, סערקעלע. ,,און, וועדליק דריבּר דער שראקן דז דיר דיין געלט אזו וועק גיט איין טייל אין מסים און, איין טייל אין בילבולי[ם]", פראָגב, ז. 6. ,,אזו העט איר טאָפּלט שאַדן, אייער רבי געלט גיט אַוועק אין ליידן און, אייער קינדר גרייזר בלייבן", מלכּוד מזיק, 1/3. *אַ, אין גוט געלט = קריגן מער וויפֿל עס איז ווערט; פּטור ווערן פֿון עפּעס אויף אַ געראָטענעם אופֿן. 15. אַריבּערגיין אין (צו) אַן אַנדער אינסטאַנץ, אין רשות פֿון אַ צווייטן, אַ, אין העכסטן געריכט. ,,דערנאָך האָט דער מלך זייער געוואָלט, ער זאָל האָבּן אַ זון, כּדי די מלוכה זאָל ניט אַ, צו אַ פֿרעמדן", נחב, 'מעשׂה מחכם'. ,,פֿון דעם דאָזיקן קאָמיטעט גייען אָפּט די ענינים אַוועק אין באָך אויף דער אייבּערשטער באַנק", ממוס, מסעו [.

16. (דריטפּערזאָניק, אומפּערזענלעך) האָבן מזל, דערפֿאָלג, מצליח זײַן, אָנהייבן צו גיין גוט, עס גייט אים גוט אַוועק. די פּיעסע איז גוט אַוועקגעגאַנגען. אַ, מיט אַ פּיעסע, פֿאָרשטעלונג, אונטערנעמונג, פּראָיעקט. „נוט אַ,

אַוועקגייעניש

דאַרף געדויערן“, שוו [= ביז עס גייט גוט אַוועק...].
אַוועקגייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקגיין.
אַוועקגייער — דער, ־ס. דער וואָס גייט אַוועק; בעל־פּחדן; אַסימילאַטאָר, אָפּטרי .קער, פֿאַררעטער. „דו ביסט ניט פֿון ד אַ'ס אַפֿילו
—   ׳
אַז איך האָב דיך געוואָלט טייטן, ביסטו אויך ניט אַוועקגעגאַנגען“, אפֿא, נעטראַכט מיט ע דיי־טײַטש.
אַוועקגילטן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס גילט אָוועק, עס האָט ~געגאָלטן. זיך אײַנגעבן, געלינגען, מצליח זײַן (אויף אַ לענגערער צײַט). דאָס נײַע געשעפֿט וועט אײַך אַ„.

„דערהויפּט האָט מיר אַוועקגעגאָלטן מיט מײַן
שבת', ד"ה מיטן בעל־הבית וואו איך האָב
געגעסן שבת", ייִפּאָל, 1890 2 ,No, בײַלאַגע.
אַוועקגיסן — טרוו. גיס אַוועק, ~געגאָסן.
1. גיסן אין אַ זײַט. אַ, דאָס שמוציקע וואַסער.
„מע מוז זיך וואַשן אין אַ כּלי, אָבער נישט
אויף דער ערד און נישט אויף שײַטלעך האָלץ;
דאָס וואַסער מוז מען אַ, דאָרט וואו קיין
מענטשן גייען", חא, ה/ב. 2. גיסן אַ
לענגערע צײַט (אויך אוטוו). „דער רעגן האָט
אַוועקגעגאָסן עטלעכע טעג כּסדר".
אַוועקגלושען
לושען, ~ה□.ו□, ~
געען. סל.
— אוטוו. ־שע אווע
גלושעט. אויך: ~
1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ
טומל וואָס פֿאַרטויבט. 2. זיך דערוויַטערן
מיט אַ טומל. אַ, אויפֿן טראַקטאָר.
אַוועקגליטשן זיך — אוטוו. גליטש זיך
אַוועק, זיך ~געגליטשט. 1. זיך דערווײַטערן
דורך גליטשן זיך. אַ, זיך אויף די גליטשערס
העט־העט. 2. פֿאַרלאָרן גיין; ניט קענען
אײַנהאַלטן. „דאָס מזל האָט זיך פֿון אים

אַוועקגעגליטשט״. „אַ גוט געשעפֿט האָט זיך מיר אַוועקגעגליטשט פֿון אונטער די הענט״.

אַוועקגל⃞ען — אוטוו. גלי אַוועק, ~געגליט. 1. גליִען אַ לענגערע צײַט. די קוילן אין אויוון האָבן אַוועקגעגליט די גאַנצע נאַכט. 2. ליגן אין שטאַרקן פֿיבער אַ לענגערע צײַט. דער קראַנקער האָט אַוועקגעגליט אויף (אין) פּאָקן עטלעכע טעג.

⃞

אַוועקגנבֿענען — [...גאַ'נווענען] טרוו. גנבֿע אַוועק, ~געגנבֿעט. 1. אַוועקנעמען בײַ עמעצן עפּעס אָן באַצאָלט, אָן יענעמס וויסן. אַ, דאָס (דעם) שוואַרצאַפּל פֿון אויג = אַ,

.

זייער אַ טײַערע זאַך, זייער קונציק. „אַ, דעם חומש מיטן לא תגנובֿ״, פֿוול. „...אַזוי ווי איינער האָט כּמה טירחות ביז ער קריגט געלט און דערנאָך האָט ער ניט וואָס צו עסן, מחמת מען גנבֿעט עס בײַ אים אַוועק״, חה. 2. צונעמען (אַרויסקריגן) דורך אָפּנאַרערײַ. אַ, דעם סוד. „בלעם האָט אַוועקגעגנבֿעט דעם שׂכל פֿון מענטשן מיט זײַנע רייד״, נוצ I.

אַוועקגנבֿענען זיך — אוטוו. גנבֿע זיך
אַוועק, זיך ~געגנבֿעט. 1. פֿאַרלאָזן אָרט
אומבאַמערקט; זיו אַרויסכאַפּן ווען קיינער
זעט ניט; אָפּציִען. „ער גנבֿעט זיך אַוועק פֿון
דער זקנה מיטן זעלבן געפֿיל וואָס ער גנבֿעט
זיך אַרויס פֿון דער היים„, בערג, בײס

,.

דניעפּער 2 .I. אויסבאַהאַלטן זיך; פֿאַרשטעלן
זיך. „אגג...האָט זיך פֿון שאול אַוועקגעגנבֿעט
דורך זײַן כּישוף„, מלרה, נד/ב.
אַוועקגעײ — די ווערטער וואָס מע
געפֿינט ניט מיט אַוועקגע... ← אַוועק
-
+ דעם ערשטן אדת פון שטאַם
אַוועקגעאַרבעט — אַדי, פּאַר
אַוועקאַרבעטן ←. וואָס מע האָט שוין פֿאַרענדיקט
אַרבעטן
אָדער געאַרבעט אויף דעם אַ לענגערע צײַט.
די אַ'ע זאָקן, פֿיסלעך פֿון טיש אאָזוו. די אָ'ע

צײַט, שעהן אאַזוו.
אַוועקגעבויגן — אַדי, פּאַר אַוועקבייגן ←.
~געבויגענער. וואָס מע האָט אָפּגענייגט אין אַ זײַט (עס זאָל ניט שטערן צו עפּעס). אַ'ענע צווײַגן.
אַוועקגעבויגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעבויגן. אַ, פֿון דער דיסקוסיע, טעמע אע.
אַוועקגעבויגענערהייט — אַדוו. לר. ווען עס איז שוין אַוועקגעבויגן אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעבויגן. „אַ, וועלן די צווײַגן ניט שטערן דורכצוגיין“.
אַוועקגעבורטשעט — אַדי, פּאַר אַוועקבורטשען ←. וואָס איז אַרויסגעזאָגט אומקלאָר אָדער אומצופֿרידן. אַ'ער ענטפֿער.
אַוועקגעבטלט — [...באַטלט] אַדי, פּאַר אַוועקבטלען ←. וואָס איז געפּטרט אויף אומוויכטיקס. אַ'ע צײַט, יאָרן.
אַוועקגעביטן — אַדי, פּאַר אַוועקבײַטן ←.
~געביטענער. וואָס מע האָט זיך פֿון דעם באַפֿרײַט דורך בײַטן אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך. דאָס אַ'ענע פּאַפּירגעלט.
אַוועקגעביסן — אַדי, פּאַר אַוועקבײַסן ←.
וואָס מע האָט באַזײַטיקט דורך אָפּבײַסן. אַ,

שטיקל עפּל; אַ'ענע נעגל.
אַוועקגעבליבּן — אַדי, פּאַר אַוועקבלײַבּן ←.
~געבּליבּענער. וואָס איז אַהער ניט געקומען (געווען), נאָר געבּליבּן אַנדערשוואו. ,,די אַ'ענע האָבּן בּעסער אויסגעפֿירט ווי די געקומענע‘‘.
אַוועקגעבּן — טרוו. גיבּ אַוועק, ~געגעבּן.
1. ענדגילטיק געבּן; אָפּגעבּן. ,,דאָס שעפֿל פֿון בּאָד גיט מען ניט אַוועק‘‘, שוו. ,,די פּוחזים... האָבּן...צוגעזאָגט דאָס לעבּן צו שענקען. נאָר זיי זאָלן גאָר זייער האָבּ פֿון זיך אַ,,,, מע□tה אומן. 2. בּאַצאָלן אַ חובֿ, אומקערן וואָס עס קומט. ,,קיינמאָל ניט לייקענען און קיינמאָל ניט אַ‘‘, פֿוול. ,,אַז דו'סט דאַרפֿן אויפֿשטיין פֿון שלאָף וועל איך דיר אָוועקגעבּן‘‘, פֿוול [ווש מיט: אַ וועק געבּן, פֿון ווערבּ וועקן]. 3. צוריקגעבּן; ממלא זײַן, מתקן זײַן, גאָט וועט אַ'. ,,דער נוסח פֿון על חטא אין קריאת־שמע איידער מע גיט אָוועק דעם פּקדון‘‘, לדבּ. 4. אומקערן אַן אַבֿידה.
5. אַנטלײַען; אַרײַנלייגן אין מסחר. אַ, דעם קאַפּיטאַל אין שותּפֿות. ,,צוזאַמענגעקליבּן אַ רובּל הונדערט, אַוועקגעגעבּן אויף פּראָצענט‘‘, פּרץ. 6. מנדבֿ זײַן, שענקען. אַ, דאָס לעצטע, דאָס העמד פֿון לײַבּ. ,,אבּיר בּשעת מיתתו

מאג ער אַפֿילו כל אַשר לו הין וועק געבּין
כּי אדם קרובֿ לעצמו“, גה, ז, 266. „וואָס
זײַנען זיי מיט אים פֿאַר שמעלקעס, זיי זאָלן

אַוועקגעבּן

אים דעם בּיסן אַ'?“, ממוס, ווינטשפֿ. „אַז מע
גיט יענעם אַוועק דעם לעצטן בּיסן —
שטאַרבּט אַ רשע“, פֿוול. אַ, דאָס לעבּן, לײַבּ
.
און לעבּן, דעם קאָפּ, די נשמה = זיך מקריבֿ
זײַן פֿאַר עפּעס, זיך מוסר נפֿש זײַן. „בּשום
אופֿן זיך פֿון [גאָט] ניט אָפּשיידן...אַפֿילו
מיט אַ, דעם לעבּן ממש“, תּניא, ז, 230.
אַ, דאָס געזונט = שווער אַרבּעטן לטובֿת
.
עמעצן, עפּעס. *אַ, אַלץ פֿאַרן (דעם) טײַוול,
שוואָרציאָר = פֿאַר אַ שלעכטן אומווערדיקן
צוועק, מענטשן.
7. זיך לאָזן קאָסטן, בּאַצאָלן טײַערן פּרײַז.
„העט איך כמה אַלפֿים וואָלטש איך אלש
אַוועק געבּין...“, גה, ז, 378. „איך וואָלט
בּאָדײַ אַלצדינג אַ', אַבּי לעבּן צו בּלײַבּן“,
ממוס, קליאַטשע. איר, אַ, אַ קאָפּ פֿון אַ הערינג,

אַ זאַק מיט באָרשט, דאָס ווייכע פֿון אַ שטיין
= איר, אַ אַ נישטיקע זאַו אָדער גאָרנישט.

8. מאַכן הוצאות, פֿאַרנוצן. "דאָס איבעריקע געלט וואָס ער האָט נאָך געהאַט האָט ער עס אויף דער אַרבעריק [= האַרבעריק] אַוועקגעגעבן", נחב, ,מעשׂה מבן־מלך ובן־שפֿחה'.
שבֿועה: אויף דאָקטוירים זאָל איך עס אַ'!
קללה: אויף דאָקטוירים זאָלסטו עס אַ,!

9. זיך אָפּרעכענען מיט עמעצן; אַרײַנזאָגן, אָפּזידלען. אַ, די אמתע פּאָרציע, דעם ריכטיקן חלק. „ער קלײַבט זיך אָנשרײַבן אויף זיי אַ ליד און אַ, זיי אַ גאָב אַז דער שוואַרצער־יאָר זאָל זיי נעמען", שע, מאָטל I.

10. לאָזן אויסניצן. אַ, די ריינקייט, די אומשולד. „זאָלסט נישט אַוועק געבן אנדרי דיין פֿיינו־בריהקייט, דײַנע יאָרן צו איין אַכזר", מס, משלי תּקע"ד, ה, 9. „זײַנע לעצטע עצמות אַ, די קאַפּיטאַליסטן", אידישער אַרבעטער, קאָוונע, 1896. 11. אַוועקלאָזן פֿון זיך, ניט זײַן בכּוח אײַנצוהאַלטן. „געטראָגן, געטראָגן — און אַוועקגעגעבן דעם יונ,,, פֿוול [אַ מוטער וועגן אַ זון וואָס מע נעמט אים צו פֿאַר אַ זעלנער].

12. איבערגעבן אין רשות פֿון עמעצן (צו לערנען, אַרבעטן, דערציִען). אַ, די טאָכטער פֿאַר אַ דינסט; אַ, דעם ייִנגל צו אַ שוסטער אין דער לער(ע). „האָט דער קעניג אַװעקגעגעבן זײַן בן־יחיד בבֿא כּדי ער זאָל אים לערנען פֿעכטן, שיסן און רײַטן וכדומה“, ייִט, טאָג, 5 XI 1955. „און די מיידלעך אויסלערנען עטוואָס אידעש־טײַץ און אַ ביסעלע שרײַבן און אַ, זיי אין אַ קראָם“, ליאָנדאָר, נײַער בריוונשטעלער, ווילנע, 1887. „אין דײַן האַנט, השי״ת, גיב איך אַוועק מײַן רוח ונשמה... און דו זאָלסט מיך אויסלייזן מיט גרויס רחמנות“, פּוקח־עוריס, ני“, ת“ש.

13. חתונה מאַכן (געוויינטלעך אַ טאָכטער). אַ, די טאָכטער פֿאַר אַ מאַן, פֿאַר אַ שנור אין אַ רײַך הויז. אַ, דעם בן־תּורה אויף אייביקע קעסט. „דו זאלשט טעכטר צו מאנין פֿון דיר אַוועק געבין אונ איר מאנן זאַלן לנג ביא זיא לעבן“, עיון, 1/37.

14. אויסברעכן, אויסמייקע(נע)ן. אַ, אַלץ וואָס מע האָט געגעסן. אַ, צוריק. *אָ, דער מאַמעס מי□ך = אויך אויסקרענקען.

אַוועקגעבן זיך

אַוועקגעבן זיך — ← דפֿוו. 1. אינגאַנצן זיך
אָפּגעבן (אַן אַרבעט, אַ ציל, אַן אידעאַל). זיך אַ,
דעם פֿאַראיין, דער פּאַרטיי. זיך אַ, צו
דבֿריתּורה. 2. זיך מקריבֿ זײַן, זיך ברענגען פֿאַר
אַ קרבן. „אַזוי ווי אַ זון וואָס סטאַרעט זיך
אַרום זײַן טאַטע־מאַמע, און ער גיט זיך
אַוועק צום טויט פֿאַר זיי אויף זיי אויסצולייזן“,
תּניא, 30.
אַוועקגעבראַכט — אַדי, פּאַר
אַוועקברענגען ←. לד. וואָס מע האָט אַוועקגעפֿירט,
אַוועקגעטראָגן. אַ'ע סחורה.
אַוועקגעבראָכן — אַדי, פּאַר אַוועקברעכן ←.
~געבראָכענער. 1. וואָס מע האָט באַזײַטיקט
דורך (אָפּ)ברעכן. אַן אַ, צווײַגל. 2.
אָפּגעפֿרעמדט, דערווײַטערט.
אַוועקגעבראָכנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעבראָכן.
אַן אָפּגעריסנקייט, אַן אַ', אַן אָפּגעפֿרעמדטקייט.
אַוועקגעברענגט — פּד. דזוו
אַוועקגעבראַכט.
אַוועקגעגאַנגען — אַדי, פּאַר אַוועקגיין ←.
וואָס איז שוין מער ניטאָ. אַ'ע יאָרן, כּוחות.
אַוועקגעגאַנגענערהייט — אַדוו. לר. ווען

עס (מען) איז שוין אַוועקגעגאַנגען אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעגאַנגען. „אַ, איז נאָך פֿאַרבליבן דער ריח פֿון אירע פּאַרפֿומען“.
אַוועקגעגאַנגענקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. נעאָל. דאָס וואָס איז געווען פֿריִער; עבֿר. „ד אַ', ווען אומגעקערט אין זכּרון, איז לעני
גער ווי די בלויזע קעגנווערטיקייט“, אבֿא גאָדדין, ייִדישע עטיק.
אַוועקגעגאָסן — אַדי, פּאַר אַוועקגיסן ←.
~געגאָסענער. וואָס מע האָט געמאַכט עס זאָל אָוועקרינען פֿון אַ כּלי; וואָס מע האָט געגאָסן אין אַ זײַט. אַ'ענער ווײַן; אַ'ענע פּאַמויניצע.
אַוועקגעזלטערהייט — [...גאַזלט...] אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעזלט. צוריקקריגן סחורה אַ'.
אַוועקגעגנבֿעטערהייט — [...גאַנוועט...] אַדוו. לר. ווען מע האָט (זיך) אַוועקגעגנבֿעט; געהיים, בשתּיקה זיך אַרויסבאַפֿרײַט. „די קינדער שפּילן זיך אַ, פֿון חדר“.
אַוועקגעגעבן — אַדי, פּאַר אַוועקגעבן ←.
~געגעבענער. 1. וואָס מע האָט (אָפּ)געגעבן צוריק. אַ'ענער חובֿ; אַ'ענער מלבוש. 2. וואָס

מע האָט געשאָנקען. אַ, געלט, קליידל. 3. וואָס
מע גיט אָפּ אין דער זעלביקער מאָס, אויפֿן
זעלביקן אופֿן. „ס'איז אַ'ענע זאַכן: דו האָסט
מיר ניט געהאָלפֿן, העלף איך דיר ניט".
אַוועקגעגעבענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעגעבן. זיך קריגן פֿאַרן אַוועקגעבן און
נאָך מער זיך קריגן אַ'.
אַוועקגעגעסן — אַדי, פּאַר אַוועקעסן ←.
~געגעסענער. אויפֿגעגעסן ביזן סוף אָדער
מיט גרויס אַפּעטיט. אַ'ענע שיריים פֿון רבינס
טיש.
אַוועקגעגראָבן — אַדי, פּאַר
אַוועקגראָבן ←. ~געגראָבענער. וואָס מע האָט
באַזײַטיקט
דורך (אָפּ)גראָבן. אַ, בערגל מיסט.

,

אַוועקגעדונגען — אַדי, פּאַר אַוועקדינגען ←.
1. וואָס מע האָט גענומען צו ניצן פֿאַר
געצאָלט אויף אַ באַשטימטער צײַט. אַ'ע דירה.
2. אָפּגעקויפֿט, באַקומען נאָך אַ דינגען זיך.
אַ, וועגעלע האָלץ. 3. דזוו אויסגעדונגען

דורך געבן אַ גרעסערן פּרײַז. פֿון אונטער
די הענט אַ'ע סחורה.
אַוועקגעדרייטערהייט — אַדוו. לר. וואָס
מע האָט שוין (מע האָט זיך) אַוועקגעדרייט;
אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעדרייט. אַ, עפּעס
אויסבֿורטשען.
אַוועקגעהאַנגען — אַדי, פּאַר
אַוועקהענגען ←. אויך: ~געהאָנגען. וואָס מע האָט
אויפֿגעהאַנגען אין אַ זײַט אָדער אויף אַ
לענגערער צײַט. אַ'ע מלבֿושים.
אַוועקגעהרגעטערהייט — [... האַ'רגעט...]
אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ
פֿון זײַן) אַוועקגעהרגעט. „אַ', הייבֿט זיך
אויף דער אַקטיאָר און בוקט זיך פֿאַרן עולם“.
אַוועקגעוואונטשן — אַדי, פּאַר
אַוועקווינטשן ←.
אַוועקגעוואונען — אַדי, פּאַר
אַוועקגעווינען ←. אַ, געלט.
אַוועקגעוואונקען — אַדי, פּאַר
אַוועקווינקען ←.
אַוועקגעוואַלגערט — אַדי, פּאַר
אַוועקוואַלגערן (זיך) ←. „דער ים ליגט נאַקעט־הויל
אַ, אויפֿן בויו, דער קאָפּ אין תּהום...„, חג,
איק, ר“ה תּשכ“א.

אַוועקגעוואָנדן — אַדי, פאַר אַוועקווענדו ←.
פד, אוקר. אַ'ענער בליק.

אַוועקגעוואַנדערטערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעוואַנדערט. (ניט) בענקען נאָו דער היים אַ.. —

אַוועקגעוואָרסן — אַדי, פאַר אַוועקוואַרפֿן ←. ~געוואָרפֿענער. געוואָרפֿן אויף דער ערד, אין אַ זײַט; איבערגעלאַזט, געלאָזן אויף הפֿקר. פֿאַרגעסן; איבערגעריסן. אַ'ענע

גע □

שעפֿטן; אַ'ענע כלה; אַ'ענע אַרבעט.

אַוועקגעוואָרפֿנקייט — די (דאָס). מצ נב.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעוואָרפֿן. אַ פֿאַרלאָזנקייט, אַ פֿאַרשטויסנקייט, אַן אַ'.

אַוועקגעוואָרפֿענערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט עס שוין אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעוואָרפֿן. „אַ, איז אַ ווײַב נאָך אַלץ אַ ווײַב“, רייד.

אַוועקגעוואַשענערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט באַזײַטיקט, אָפּגערייניקט פֿון עפּעס דורך וואַשן; אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעוואַשן. „אַ, קען מען נאָך אַלץ דערזען סימנים פֿון פֿלעקן“.

אַוועקגעוויזן — אַדי, פּאַר אַוועקווײַזן ←.
~געוויזענער.
אַוועקגעווינען — טרוו. געווין אַוועק, ~
געוואונען. 1. צונעמען אַלץ, אינגאַנצן דורכן
געווינען אין קאָרטן אָדער אַן אַנדער שפּיל,
אַ וועט או. אַ, דאָס לעצטע, דאָס העמד פֿון
לײַב, די תּחתּונים. 2. געווינען צוריק וואָס
מע האָט געהאַט פֿאַרשפּילט. אַן אײַנשטעלער
קען אַ, דאָס פֿאַרשפּילטע.

אַוועקגעהלומטערהייט

אַוועקגעווישטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעווישט. ← אַוועקווישן. אַוועקשטעלן די כלים
אַ..
אַוועקגעוועזן — אַדי, פּאַר אַוועקזײַן ←.
~געוועזענער. היפּך פֿון בײַגעוועזן. אַ'ענע
מיטגלידער פֿון פֿאַראיין; אַ'ענער פֿון דער
פֿאַרזאַמלונג.
אַוועקגעוועזנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעוועזן.
שטענדיקע אַ'.
אַוועקגעוועזן — פּאַר אַוועקזײַן ←.

אַוועקגעזונגען — אַדי, פּאַר
אַוועקזינגען ←. אַן אַ, לידל.
אַוועקגעזונקען — אַדי, פּאַר
אַוועקזינקען ←. אַ'ע אוצרות.
אַוועקגעזייטערהייט — אַדוו. לר. ווען
-
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעזײַט. ← אַוועקזײַען. „אַ, בלײַבט די
פֿליסיקייט אינגאַנצן ריין“.
אַוועקגעזעגטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַווע□ן.
געזעגט. ← אַוועקזעגן.
אַוועקגעזען — אַדי, פּאַר אַוועקזען ←.
~געזענער. וואָס מע האָט בכּיוון ניט
באַמערקט; וואָס אויף דעם האָט מען ניט געקוקט.
אַ'ענע חסרונות. „אַוועקגעזען די חסרונות, איז
ער נאָך אַלץ אַ לײַטישער פּאַסקודניאַק„.
אַוועקגעזעסן — אַדי, פּאַר אַוועקזיצן ←.
~געזעסענער. וואָס זיצט (וואוינט, איז אין
תּפֿיסה, פֿאַרהאַלט זיך בײַ עפּעס) אַ לענגערע
צײַט. די אַ'ענע בײַם טיש, אין טורמע אאַזוו.
אַוועקגעזעסנערהייט — אַדוו. לר. ווען
מען איז שוין געזעסן אָדער אין מצבֿ פֿון
זיצן אַ לענגערע צײַט. „אַ, אין דער פֿינצטער

האָט מען זיך דערציילט מעשׂהלעך“.

אַוועקגעזעצט — אַדי, פּאַר אַוועקזעצן ←.
וואָס מע האָט געמאַכט, עס זאָל זיצן. הינער,
אַ'ע אויף די אייער; די אַ'ע בײַם טיש; דער
אַ'ער אין קאַרצער.

אַוועקגעזעצטערהייט — אַדוו. לר. וואָס
מע האָט שוין (אָדער □.ן מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעזעצט. „ער זיצט טאַקע אַ„ ער וועט אַזוי
זיצן היפּשע עטלעכע יאָר“.

אַוועקגעזעצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעזעצט.
אַן אַ, אין בלאָטע, אין אַ פֿאַרלעגנהייט.

אַוועקגעהושכטקייט — □.. כוי'שעכטקייט]
די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון
זײַן אַוועקגעחושכט. ← אַוועקחושכן. אַ
פֿאַרפֿינצטערטקייט, אַ פֿאַרשוואַרצטקייט, אַן אַ'.

אַוועקגעהלומט — [... כאָ'לעמט] אַדי, פּאַר
אַוועקחלומען ←. 1. וואָס מע האָט
פֿאַרבּרענגט אין חלומען, פֿאַנטאַזירן. אַ'ע יוגנט.
2. וואָס מע האָט זיך דערווײַטערט דערפֿון
אָדער אָפּגעשאַפֿט דורך פֿאַנטאַזיע. אַ'ע
ווירקלעכקייט.

אַוועקגעהלומטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מען איז אין אַ צושטאַנד פֿון חלומען אַ

לענגערע צײַט. זיצן איבער אַ בוך אַ, און ניט לייענען.

אַוועקגעהלומטקייט

אַוועקגעהלומטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעחלומט.
אַ פֿאַרטראַכטקייט, אַן אַ..
אַוועקגעהלשטערהייט — [... כאַ'
לעשטערהייט] אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער מען איז אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעחלשט. ליגן אַ'.
אַודעקגעהלשטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעחלשט.
אַזאַ אַ אַז עס איז שווער צו דערמינטערן.

אַוועקגעהשבונטערהייט — [... כע'
זשבֿנטערהייט] אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין אָראָפּגענומען פֿון רעכענונג; ווען עס איז אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעחשבונט. זיך אויסגלײַכן אַ'.
אַוועקגעטאַנצטערהייט —, אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין אַוועקגעטאַנצט (אויך: אַוועקגעגאַנגען טאַנצנדיק). פֿאַרשווינדן אַ'.

אַוועקגעטאָקטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעטאָקט. אָפּגעבן די אַרבעט אַ,.
אַוועקגעטאָקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעטאָקט.
← אַוועקטאָקן. אַן אויסגעשניצטקייט, אַן אַ'.
אַוועקגעטייטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאָפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעטייט.
← אַוועקטייטן. ניט קיין אויפֿגעלעבטקייט,
נאָר אַן אַ'.
אַוועקגעטראָגן — אַדי, פּאַר אַוועקטראָגן ←.
~געטראָגענער. וואָס מע האָט גענומען פֿון
איין אָרט און איבערגעטראָגן אויף אַ צווייטן.
,,זעט פֿאַר זיך אין חלום: אײַנגעשלאָגענע,
אויסגעוואָרצלטע, אַ'ענע, גאַנצע הורבעס
ביימער אויסגעריסענע,,, אַל II, 'די לעצטע'.
אַוועקגעט אָגענערהייט — אַדוו. לר. ווען

מע האָט עס שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעטראָגן.
אַוועקגעטראָטן — אַדי, פּאַר
אַוועקטרעטן ←. ~געטראָטענער.
אַוועקגעטראַכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעטראַכט.

← אַוועקטראַכטן. אַן אַ, אויף לאַנגע שעהן.
אַן אַבסטראַהירן, אַן אַ..
אַוועקגעטרוימטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעטרוימט. ← אַוועקטרוימען. אַן
אַוועקגעחלומטקייט, אַן אַ..
אַוועקגעטרויערטקייט — די (דאָס). בֿא.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעטרויערט. ← אַוועקטרויערן. אַן אַ, אויף יאָרן
און יאָרן.
אַוועקגעטרונקען — אַדי, פּאַר
אַוועקטרינקען ←. אַ'ער כּוס, ווײַן.
אַוועקגעטריבֿן — אַדי, פּאַר
אַוועקטרײַבֿן ←. ~געטריבֿענער. אַ'ענע אָנפֿאַלערס.
אַוועקגעטריבֿנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעטריבֿן.
אַ, פֿון אַלע קוואַלן פֿון פּרנסה.
אַוועקגעטריבֿענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער איז אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעטריבֿן. די הינט בילן אַ..

,

אַוועקגעטרייסלטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעטרייסלט. ← אַוועקטרייסלען.
אָפּגעשאָקלטקייט,
אַוועקגעוואָרפֿנקייט.
אַוועקגעטריקנט — אַדי, פּאַר
אַוועקטריקענען ←. וואָס איז קאַליע געוואָרן פֿון צו פֿיל
טריקענען (זיך); פֿאַרדאַרט. אַ'ע פּירות, תּבֿואה.
אַוועקגעטרעטערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין אַוועקגעטרעטן,
אָפּגעטיילט וואָס איז געווען פֿריִער צוגענייט.
„אויפֿגענייטערהייט אַוועקטרענען, אַ, ווידער
צוזאַמענגענייען" פֿוול = בײַשפּיל פֿון
אומנוצי,
קער אַרבעט.
אַוועקגעיאָגטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין פֿאַרטריבן אָדער זיך אַליין
געלאָזט לויפֿן און געלאָפֿן אַ ווײַטערן מהלך.
אַוועקגעטריבענערהייט; פֿאַרשמײַעטערהייט. אַ,
איז ער נאָך רק געפֿערלעך. קוים אָפּכאַפּן דעם
אָטעם אַ'.
אַוועקגעיאָגטקייט — די (דאָס). בא.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעיאָגט;
אימפּעט פֿאַרשמײַעטקייט ▯ אַוועקגעטריבנקייט.

, .

אַוועקגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אַוועקכאַפּן ←.
1. אין אײַלעניש צוגענומען, אַוועקגענומען, אַוועקגעריסן; אויסגעכאַפּט, אויסגענאַרט. אַ'ע מציאה, סחורה, זאַכן אאַזוו. 2. וואָס איז צעטומלט, איבּערראַשט; וואָס האָט פֿאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבּער זיך, איז פֿאַרכאַפּט, נשתּומם געוואָרן. פֿטמ. זיצט אַן אַ'ער (פֿון דעם וואָס ער זעט, מע דערציילט אע).
אַוועקגעכאַפּטערהייט — אדוו. לר. ווען מע האָט שוין אַוועקגעכאַפּט. אַ, פֿון פֿײַער.
אַוועקגעכאַפּטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן (ווערן) אַוועקגעכאַפּט. אַן איבּערגעאײַלטקייט, אַן אַ..
אַוועקגעלאָזן — אַדי, פּאַר אַוועקלאָזן ←. ~געלאָזענער. וואָס האָט באַקומען מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פֿון עפּעס, זיך באַפֿרײַען פֿון עפּעס. אַ'ענע פֿון שקלאַפֿערײַ, תּפֿיסה.
אַוועקגעלאָפֿן — אַדי, פּאַר אַוועקלויפֿן ←. ~געלאָפֿענער. גיך אַוועקגעגאַנגען, אַנטרונען, דעזערטירט, פֿאַרשוואונדן; זיך באַפֿרײַט. אַ'ענע יוגנט, יאָרן; אַ'ענער אַרעסטאַנט.
אַוועקגעלאָפֿענערהייט — אַדוו. לר. ווען מען איז שוין אַוועקגעלאָפֿן; אין מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעלאָפֿן. הונגערן (זיך מאַטערן) אַ'.

אַוועקגעלאָשן — אַדי, פּאַר אַוועקלעשן ←.
~געלאָשענער. אויסגעלאָשן (מיטאַמאָל אָדער נאָך אַ דויערנדיקן פּראָצעס פֿון לעשן). אַן אַ, פֿײַער.
אַוועקגעלייגט — אדי, פּאָר אַוועקלייגן ←.
1. וואָס מע האָט געלייגט האָריזאָנטאָל. אַ'ער לייטער. 2. וואָס מע האָט פֿאַרגרייט, אָפּגעשפּאָרט (צוליבֿ אַ געוויסן ציל). געלט אָ'ע אויף נדן. 3. וואָס מע האָט דערהרגעט.
„אַ'ע, מיט פֿאַרשטאַרטע אויגן, וואַלגערן זיך אין מיטן גאַס“.
אַוועקגעלייגטערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעלייגט. אַ, ניט קענען געפֿינען; לאָזן עמעצן ליגן אויף דער ערד אַ'.

אַוועקגעמאָרעטקייט

אַוועקגעלייגטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעלייגט.
← אַוועקלייגן. אָנגעגרייטקייט; אָפּגעווענדטקייט; איבערגעגעבנקייט. אַרבעטן פֿאַר יענעם מיט אַזאַ אַ, ווי פֿאַר זיך. „מים איז חכמה, חכמה איז דער ענין פֿון ביטול, אַ'“, יוסף־יצחק

שניאורסאָן, מאמך חג הסוכּות, נ״י תּ״ש.
אַודעקגעלײַטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעלײַטערט. ← אַוועקלײַטערן. אויסגערייניקטקייט
פֿון יעד▯ מין גײַסטיקן פֿלעק אָדער חסרון.
אַוועקגע ▯ען — אַדי, פּאַר אַוועקלײַען ←.
וואָס מע האָט געגעבֿן עמעצן צו ניצן אויף
אַ געוויסער צײַט. „אַן אַ'ער גראָשן קען
בּרענגען אַ גילדן״, שוו. „אין אַן אַ, טעפּל קען מען
א ▯ ן ווע
ע ל▯ ענערהייט — אַדוו. לר. ווען מע
יִ טשערע ניט צושטעלן„, שוו.
־ ו קגע
האָט שוין אַוועקגעלִיען; אין מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעלִיען. „אַ, איז וו
אַוועקגעשאָנקענערי

הייט״, שוו.
אַוועקגעלעבֿטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעלעבֿט.
← אַוועקלעבֿן. „אַז מען איז אין די אַכציקער,
איז עס שוין ניט קיין לעבֿן, נאָר אַן אַ,״,
רייד.

אַדועקגעלערנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעלערנט.
← אַוועקלערנען. „אַ, הייסט נאָך ניט
אויסגעלערנטקייט“.
אַוועקגעמאָגערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעמאָגערט. ← אַוועקמאָגערן (זיך). אַן
אויסגעדאַרטקייט, אַן אַ'.
אַוועקגעמאַטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעמאַטערט. אַן אויסגעשעפּטקייט, אַן אַ..
אַוועקגעמאַכטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעמאַכט. ← אַוועקמאַכן. פֿאַרענדיקן און
אײַנפּאַקן אַ..
אַוועקגעמאַכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעמאַכט.
← אַוועקמאַכן פֿאַרענדיקטקייט;
באַזײַטיקט.
קייט; אָוועק דז
א — אַדי, פּאַר אַוועקמעלדן ←.
ערוקטקייט.
־ וועקגעמאָ
~געמאָלדענער. אַ'ענע געסט.

אַוועקגעמאָלנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעמאָלן.
← אַוועקמאָלן I & II. „ס'איז ניט קיין קאָפּיע
פֿון בילד, נאָר סתּם אַן אַ“. אַ האַסטיקע אַ',
ניט קיין קלאָרע רייד.
אַוועקגעמאָלקן — אדי, פּאַר אַוועקמעלקן ←.
~געמאָלקענער. אַ'ענע מילך; אַ'ענע קי. אַ'ענע
קאָנטריבוציע.
אַוועקגעמאָסטן — אַדי, פּאַר
אַוועקמעסטן ←. ~געמאָסטענער. אַ, פֿעלד =
אויסגעמאָסטן; דורכגעשפּרײַזט.
אַוועקגעמאָרעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעמאָרעט. ← אַוועקמאָרען. אַוועקגעמוטשעטקייט;
אויסנעדאַרטקייט.

אַוועקגעמבלען

אַוועקגעמבלען — ־בל אַוועק, ~געגעמבלט.
אַמ. אוטוו — אַ לענגערע צײַט שפּילן קאָרטן
אָדער וועטן אויף פֿערד־געיעגן. אַ, טעג און
נעכט. טרוו —־ 1. פֿאַרשפּילן. אַ, אַ פֿאַרמעגן.
2. דורך אַרײַנטאָן זיך אין אַן אַזאַרט־שפּיל
פֿאַרטרייַבן, באַזײַטיקן עפּעס. אַ, דעם אומעט.

אַוועקגעמוטשעטערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעמוטשעט. ← אַוועקמוטשען. אויסגעפּײַ
ניקטערהייט; אויסגעמאַטערטערהייט.
אַוועקגעמוטשעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעמוטשעט. אַוועקגעמאַטערטקייט,
אַוועקגעפּײַניקטקייט.
אַוועקגעמיטן — אַדי, פּאַר אַוועקמײַדן ←.
~געמיטענער. אַ'ענע סכּנה.
אַוועקגעמישטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעמישט. ניט קענען געפֿינען די שטעל
אַ'. אַרײַנוואַרפֿן אַלץ אין שופֿלאָד אַ'.
אַוועקגעמעקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעמעקט.
← אַוועקמעקן. אַן אָפּגעריבנקייט, אַן אַ'.
אַוועקגענאָסן — אַדי, פּאַר אַוועקניסן ←.
~גענאָסענער. אַ'ענער שמעקטאַבעק.
אַוועקגענאַרטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגענאַרט. אַוועקנאַרן. „דאָס קינד וויינט אַ,
פֿון דער מאַמען“, רייד.
אַוועקגענאַרטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגענאַרט. אַ פֿאַרפֿירטקייט, אַן אַ'.

אַוועקגענומען — אַדי, פֿאַר אַוועקנעמען ←.

1. צוגענומען, אַוועקגעטראָגן; דערווײַטערט; אַוועקגעכאַפּט, אַוועקגעפֿירט. אַ'ער פֿלויט; אַ, געלט; אַ'ע כּוחות. „דער שׂכל איז פֿון אים אַ„ מחמת...ער איז רחמנא לצלן משוגע„„ חה, 141. 2. קאָניונקטיוו. חוץ דעם פֿריִערדיקן, שוין ניט נעמענדיק אין באַטראַכט, ניט אַרײַננעמענדיק אין חשבון. „אַ, די נײַע תּבֿיעות, קומט אים נאָך געלט פֿון פֿאַראַיאָרן‟, רייד. ‟און צווייטנס, אַ, שוין רחמנות, האָט דאָך די שקאַפּע אויף מיר טאַקע אַ גרויס רעכט געהאַט‟, ממוס, קליאַטשע.

אַוועקגענומענערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגענומען. „אַ, זיך באַקלערן וואָס מע האָט אָנגעוואָרן‟, רייד.

אַוועקגענייגטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אָוועקגענייגט. ← אַוועקנייגן. אַוועקגעבויגנקייט, אָפּגעקערטקייט, אָפּגעטראָטנקייט.

אַוועקגעניצטערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)

אַוועקגעניצט. ← אַוועקניצן (זיו). אַ, ניט טויגן
צו קיין זאַך.
אַוועקגעניצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעניצט. קאַליע
ווערן דורך אָ..
אַוועקגעסמטקייט — [...סאַמטקייט] די
(דאָס). בּא. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

7

אַוועקגעסמט. ← אַוועקסמען. אַ, פֿון
אַנטיסעמיטיזם.
אַוועקגעפּאַקטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעפּאַקט. ← אַוועקפּאַקן. אַרויסטראָגן,
אַוועקשיקן אַ'.
אַוועקגעפּגרטערהייט — [...פּיי'
גערטערהייט] אַדוו. לר. ווען מען איז שוין (אָדער אין
מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעפּגרט. ←
אַוועקפּגרן. שטינקען ווי אַ'.
אַוועקגעפּגרטקייט — די (דאָס). בּא.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעפּגרט. „ניט קיין אַוועקגעשטאָרבנקייט, נאָר אַן
אַ„„ רייד.

אַוועקגעפּטרטערהייט — [...פּאַ'
טערטערהייט] אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער
אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעפּטרט. ←
אַוועקפּטרן. „וואָס ברענגסטו עס מיר אַ'?"
אַוועקגעפּטרטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנ..
שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעפּטרט. אַ,
פֿון צײַט און פֿון כּוחות.
אַוועקגעפּײַניקטקייט — די (דאָס), ־ן.
י
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעפּײַניקט. אַ, דורך נאַצישע הענט.
אַוועקגעפּלאַצטקייט — די (דאַס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעפּלאָצט. ← אַוועקפּלאַצן. אַ, פֿון
אויפֿגעבלאָזענע פּלענער.
אַוועקגעפּרעסטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעפּרעסט. ← אַוועקפּרעסן. אָנטאָן אַ העמד אַ'.
אַוועקגעפֿאַלן — אַדי, פּאַר אַוועקפֿאַלן ←.
~געפֿאַלענער. 1. וואָס איז פֿריִער
געשטאַנען, געהאַנגען אע און נאָך דעם געפֿאַלן. אַ'ער
בוים; אַ'ענע עפּל. 2. וואָס איז קראַנק
געוואָרן אָדער געשטאָרבן. „מיט אימפּעט האָט
ער גענומען זיך שפּרײַזן איבער די אַ'ענע",

דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. 3. וואָס
בלײַבט ווי אַ רעשט נאָך אַן אַרבעט־
פּראָצעס. אַ'ענע שטיקלעך סחורה (בײַם צושנײַדן).
4. וואָס איז אָפּגעטראָטן, פֿון אַן אידייע,
ריכטונג, שיטה אע, פֿון אַ גרופּע, פֿאָלק. אַ'ע
פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אַוועקגעפֿאַלנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעפֿאַלן.
אָפּגעשוואַכטקייט; אָנמעכטיקייט, פֿאַרלאָרנקייט;
אָפּגעפֿאַלנקייט, אָפּגעשטאַנענקייט.

אַוועקגעפֿאַלענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מען איז שוין אַוועקגעפֿאַלן אָדער אין מצבֿ פֿון
זײַן אַוועקגעפֿאַלן. בעטן הילף אַ'.

אַוועקגעסאָרבענערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעפֿאָרבן. ← אַוועקפֿאַרבן. פֿאַרריכטן
און פֿאַרקויפֿן אַ'.

-

אַוועקגעסאָרן — אַדי, פֿאַר אַוועקפֿאָרן ←.

~געפֿאָרענער. וואָס האָט פֿאַרלאָזט מיט אַ
פֿאַרקער־מיטל דאָס פֿריִערדיקע אָרט. אַ'ענע
אורחים. „און אַלטע מאַמעס חלומען צו דערזען
זייערע אַ'ענע זין„, היימיש, 1959, II.
אַוועקגעפֿאָרענערהייט — אַדוו. לר. ווען

אַוועקנעצונדן

מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעפֿאָרן. פֿאַרגעסן אָן אַלעמען אַ'.
אַוועקגעסײַלטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעפֿײַלט. ← אַוועקפֿײַלן. אַרײַנפּאַסן אַ שטיפֿטל

— —

אַ'.
אַוועקגעסירטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועק􏰀 געפֿירט. ← אַוועקפֿירן פֿאַרפֿירטערהייט
פֿאַר.   ,
טריבֿענערהייט. אַ, זיך דערוויסן ערשט וואו
מען איז.
אַוועק􏰀 עפֿלאַטערטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעפֿלאַטערט. ← אַוועקפֿלאַטערן. אַ, פֿון
מעכטיקע פֿליגלען, פֿון נײַעם געדאַנק.

אַוועקגעפֿלאָכטן — אַדי, פּאַר אַוועקפֿלע▯:־
טן ←. ~געפֿלאָכטענער. אַ'ענע שטריקלעך,
שטרויען—לאָסז

— אַדי, פּאַר אַוועקפֿליסן ▯..

.

אַוועקגעס

~געפֿלאָס▯נער. אַ,▯ט — די (דאָס), ־ן.
אייגננע יאָרן, האָפֿענונגען.

אַוועקגעפֿ אָסנקי
שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעפֿלאָסו.

אווע▯געגאַ▯ענ▯

— אַדי, פּאַר אַוועקפֿליִען ←.
אַווע ייִט, אַוועקגערוגענקייט.

— געס ויג

~געפֿלויגענער. וואָס איז גיך אַוועק (ווי) אויף
פֿליגל. אַ'ענע פֿויגלען, עראָפּלאַנען; אַ'ענע
חלומות.

אַוועקגעפֿלויגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעפֿלויגן. אַ,
פֿון חלומות, האָפֿענונגען.

אַוועקגעפֿלויגענערהייט — אַדוו. לר.
וועץ מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעפֿלויגן. פֿאַרשווינדן פֿון די אויגן אַ'.
אַוועקגעפֿראָרן, ~געפֿרוירן — אַדי, פּאַר
אַוועקפֿרירן ←. ~געפֿראָרענער, ~
געפֿרויאַ, פּ▯טק▯.ט — די (דאָס), ־ן.
אוועקגע
רענער. ייִש. א'ענע גלידער.
— צאָפּ
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעצאַפּלט. ← אַוועקצאַפּלען.
אַוועקגעציטערטקייט, אַוועקגעפֿלאַטערטקייט. אַן אַ, אין אַלע
באַוועגונגען.
אַוועקגעצאָרנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעצאָרנט. ← אַוועקצאָר(ע)נען. אָנהייבן שרײַען
אין גרויס אַ..
אַוועקגעצוואָגן — אַדי, פּאַר אַוועקצוואָגן ←.
אַ'ענע קעפּלעך. אַ'ענע ניסלעך (גנידעס).
אַוועקגעצוואונגען — אַדי, פּאַר
אַוועקצווינגען ←. ~געצוואונגענער. דערווײַטערט,
פֿאַרשטויסן איבערגוואַלד, דורך אַ דרוק. די
אַ'ענע דורכן באָיקאָט.

אַוועקגעצוואונגענקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעצוואונגען. „ס'איז ניט געווען קיין פֿרײַוויליקע
עמיגראַציע, ס'איז געווען אַן אַ'“.
אַוועקגעצויגן — אַדי, פּאַר אַוועקציִען
(זיך) ←. ~געצויגענער. אַ'ענע פּאַסטעכער;
אַ'ענע אויפֿן עולם חאמת. אַ'ענע דיסקוסיע.
אָוועקגעצונדן — אַדי, פּאַר אַוועקצינדן ←.
~געצונדענער. אונטערגעצונדן און פֿאַרבּרענט.
אַ'ענע ליכטלעך, שטיבּלעך אאַזוו.

אַוועקגעצופּטערהייט

אַוועקגעצופּטערהייט — אַדוו. לר. ־ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעצופּט. ← אַוועקצופּן. „ס'ווערט זיך□ ווײַזן
בּלוט אַ,“, רייד.
אַוועקגעצופּטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעצופּט.
אַוועקגעכאַפּטקייט, אַוועקגעריסנקייט.
אַוועקגעציילטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שדין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועק□גע□ייִלט. ← אַוועקציילן. געבּן געלט ניט אַ'.
אַוועקגעצירטקייט — די (דאָס), ־ן. דזוו

אויסגעצירטקייט ←, אויסגעפּוצטקייט.

אַוועקגעקאַטשעט — אַדי, פּאַר אַוועקקאַטשען ←. וואָס איז פֿון פֿריִערדיקן אָרט פֿאַרקײַקלט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט. אַ'ע פֿעסער, קלעצער.

אַוועקגעקאָכטערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעקאָכט. ← אַוועקקאָכן. אויסגיסן עס אַ'.

אַוועקגעקאַמטערהייט — אַדוו. דזוו אַוועקגעקעמטערהייט ←. לר.

אַוועקגעקוואָלן — אַדי, פּאַר אַוועקקוועלן ←. ~געקוואָלענער. וואָס האָט אַ סך נחת. אַ'ענע טאַטע־מאַמע פֿטמ.

.

אַוועקגעקוילעטעדהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעקוילעט. ← אַוועקקוילע(נע)ן. טאַנצן ווי אַ האָן אַ'.

אַוועקגעקויפֿטערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעקויפֿט. ← אַוועקקויפֿן. זיך אַרומזען ערשט אַ'.

אַוועקגעקלונגען — אַדי, פּאַר אַוועקקלינגען ←. אַ'ע גלעקער. אַ'ע ידיעה.

אַוועקגעקליבן — אַדי, פּאַר אַוועקקלײַבן ←.
~געקליבענער. אויסגעקליבן און באַזײַטיקט.
אַ'ענער אָפּפֿאַל; אַ'ענער ערשטער סאָרט.
אָוועקגעקנאָטן — אַדי, פּאַר אַוועקקנעטן ←.
~געקנאָטענער. אַ, ברויט; אַ, שטיקל ליים.
אַוועקגעקנאַקטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אָוועקגעקנאַקט. ← אַוועקקנאַקן. ליגן אַן
אויסגעצויגענער אַ'.
אַוועקגעקניפּן — אַדי, פּאַר אַוועקקנײַפּן ←.
~געקניפּענער. אַוועקגעריסן, אַוועקגעצופּט.
אַ, שטיק טייג.
אַוועקגעקעמטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעקעמט. ← אַוועקקעמען. „טראָג די האָר
אַ, אין אַ זײַט“.
אַוועקגעקערטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט (זיך) שוין אַוועקגעקערט; אין מצבֿ
פֿון זײַן אַוועקגעקערט. ← אַוועקקערן (זיך).
צו ב1: „לאָז ניט דאָס מיסט אַ,“; צו ב2: „וואָס
רעדסטו צו מיר אַ'?“, רייד.
אַוועקגעקערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעקערט.
אָפּנעקערטקייט, אָפּגערוקטקייט.

אַוועקגעקראָגן — אַדי, פּאַר אַוועקקריגן ←.
~געקראָגענער. לד. אַ'ענע הלוואות, בּיכער אאַזוו.

77

אַוועקגעקראָכן — אַדי, פּאַר אַוועקקריכן ←.
~געקראָכענער. אַ, עופֿעלע.
אַוועקגעקריגן — אַדי, פּאַר
אַוועקקריגן ←. ~געקריגענער. פּד, אוקר. אַ, געלט.
-
אַוועקגעקרענקטערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעקרענקט. ← אַוועקקרענקען. ,,זיך
אויפֿגעהויבּן פֿון בּעט אַ, און געלאָפֿן צו דער
חתונה“, דייד.
אַוועקגעראַמטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעראַמט. ← אַוועקראַמען. ניט קענען
געפֿינען אַ,.
אַוועקגערויבּט — אַדי, פּאַר אַוועקרויבּן ←.
1. וואָס איז צוגענומען געוואָרו פֿון עמעצן
מיט כוח אָדער שווינדל אע. אַ'ע געלט.

2. וואָס מע האָט ניט דערלאָזט געניסן פֿון
דעם, געהעריק זיך באַנוצן מיט דעם. אַ'ע
יאָרן; אַ'ע יוגנט. „זי גיט אַנשטאָט דער אַ'ער
ווירקלעכקייט אַן עולם־הדמיון“, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.
אַוועקגערויבטערהייט —־ אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגערויבט. „זיי טרינקען אונדזער בלוט
אַ'“, רייד.
אַוועקגערויבטקייט — די (דאָ▯), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגערויבט.
רציחהדיקע אַ'.
אַוועקגערונען — אַדי, פֿאַר אַוועקרינען ←.
אַוועקגעפֿלאָסן, פֿאַמעלעך אַוועקגעשטראָמט. אַ,
וואַסער. אַ'ענע האָפֿענונג.
אַוועקגערונענקייט — די. מצ נבֿ. מצבֿ
אָדער אייגנשאַפֿט פֿון דעם וואָס איז
אַוועקגערונען. „ניטאָ קיין פלאַץ אין דער אַ, פֿון
וואַסער“, נאַד.
אַוועקגערופֿענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגערופֿן. ← אַוועקרופֿן. רעדן מיט עמעצן אַ,
אין אַ זײַט.
אַוועקגערוקטערהייט — אַדוו. לר. ווען

מע האָט שוין (זיך) אַוועקגערוקט; אין מצבֿ
פֿון זײַן אַוועקגערוקט. ← אַוועקרוקן (זיך).
אָפּלעבן יאָרן אַ, פֿון אַלעמען.

אַוועקגערוקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגערוקט. אַן
אַ,, אַן אָפּגעזונדערטקייט; אַוועקגעשטופּטקייט.

אַוועקגעריבן — אַדי, פּאַר אַוועקרײַבן ←.
~געריבענער. אַ'ענע קאַנטן. אַ'ענער כריין.

אַוועקגעריטן — אַדי, פּאַר אַוועקרײַטן ←.
~געריטענער. אַ'ענער קאָזאַק.

אַוועקגעריסן — אַדי, פּאַר אַוועקרײַסן ←.
~געריסענער. אַוועקגעצויגן, אַוועקגעכאַפּט,
אַוועקגעשלעפּט. אַ, ברויט.

אַוועקגעריסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעריסן. אַ,
פֿון דער היים, פֿון די געשעפֿטן, פֿון דער
געזעלשאַפֿט.

אַוועקגעריסענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעריסן. „זאָל ער עס אויסקרענקען אַ, פֿון
מיר“, דייד.

אַוועקגעשטאָרבנקייט

אַוועקגערעכנטערהייט — אָדוו. לר. ווען
מע האָט עס שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגערעכנט. ← אַוועקרעכענען.
אַוועקגעחשבֿונטערהייט. אַ, זיך אַליין אָפּנאַרו.
אַוועקגעשאָטן — אַדי, פּאַר אַוועקשיטן ←.
~געשאָטענער. לד. אוקר. באַזײַטיקט דורו
שיטן; פֿונאַנדערגעשפּרייט, צעוואָרפֿן. אַ'ענער
צוקער; אַ'ענע רכילוו[ן.
אַוועקגעשאָכטן — אַדי, פּאַר אַוועקשעכ..
טן ←. ~געשאָכטענער. אַוועקגעקוילעט. אַ'ענע
עופֿות. אַדוו. ־טענערהייט.

.

אַוועקגעשאָנקען — אַדי, פּאַר אַוועקשע□.
קען ←. אַוועקגעבֿן ווי אַ מתּנה. „בלײַבן אַן
אומזיסטער היטער פֿון אַ'ענע גיטער“, □וול.
אַוועקגעשאָנקענערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשאָנקען. „אַוועקגעלִיענערהייט איז ווי
אַ,“, שוו.
אַוועקגעשאָסן — אַדי, פּאַר אַוועקשיסן ←.
~געשאָסענער. שמייכלען ווי די אַ'ענע לבֿנה.
אַוועקגעשאָסענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועק—
געשאָסן. „מע קען נאָך לויפֿן

אונטערגעשאָסענערהייט, מע קען ניט לויפֿן אַ'‘‘, רייד.
אַוועקגעשאַרטערהייט — אָדוו. לר. ווען
מע האָט (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשאַרט. „מיסט בלײַבט מיסט אויך אַ'‘‘, רייד.
אַוועקגעשאָרן — אַדי, פּאַר אַוועקשערן ←.
~געשאָרענער. אַוועקגעש□.טן מיט אַ שער.
אַ'ענע האָר.
אַוועקגעשוואומען — אַדי, פּאַר
אַוועקשווימען ←. וואָס האָט זיך דערווײַטערט (אַזוי
ווי) שווימענדיק. אַ'ענע פּליטן, האָפֿענונגען.
אַוועקגעשוואָרן — אַדי, פּאַר אַוועקשווערן
זיך←. ~געשוואָרענער. אַ'ענע הבֿטחות.
אַוועקגעשוויגן — אַדי, פּאַר
אַוועקשווײַגן ←. ~געשוויגענער. וואָס איז
דורכגעגאַנגען
אָן רייד; וואָס איז צערונען געוואָרן דורך
שווײַגן. אַ'ענע מינוטן, אַ'ענער כּעס.
אַוועקגעשוועבטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשוועבט. ← אַוועקשוועבן. אַוועקגעפֿלויגנקייט.
אַ, פֿון אַ געפֿיל, געדאַנק.
אַוועקגעשטאַנען — אַדי, פּאַר אַווע□ד
שטיין ←. געשטאַנען אַ לענגערע צײַט;
אָפּגעשטאַנען אין אַ זײַט אָדער ווײַט פֿון עפּעס;

וואָס האָט זיך ניט באַטייליקט אין עפּעס.
די אַ'ע פֿון דער אַקציע. אַ'ענער מלבֿוש =
וואָס איז ברייטער ווי עס דאַרף זײַן.
אַוועקגעשטאַנענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מען איז שוין אַוועקגעשטאַנען; אין מצבֿ פֿון
זײַן אַוועקגעשטאַנען. „שלינגען יעדן וואָרט
פֿון רעדנער, אַ, אויף די פֿיס“, רייד.
אַוועקגעשטאַנענקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשטאַנען. „דער אינטערעס פֿאַלט, די אַ,
פֿאַרגרעסערט זיך“.
אַוועקגעשטאָרבנקייט — די (דאָס). מצ
נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשטאָרבן. אַן אָפּגעטייטקייט, אַן אַ, פֿון באַגערן
און גלוסטונגען.

אַוועקגעשטויסן

אַוועקגעשטויסן — אַדי, פּאַר
אַוועקשטויסן ←. ~געשטויסענער. אָפּגעשטופּט,
אַוועקגערוקט, דערווײַטערט. „דער חלל פֿון דער
וועלט איז פֿול פֿון אַזעלכע נשמות, וואָס זיי
זענען אַ, פֿון זייער מחיצה“, קה.
אַוועקגעשטויסנקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשטויסן. אַוועקגערוקטקייט,
אַוועקגעשטופּטקייט.
אַוועקגעשטויסענערהייט — אַדוו. לר.
וואָס מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשטויסן. אַ, זיך אָפּפֿרעמדן.
אַוועקגעשטופּט—אַדי, פּאַר אַוועקשטופּן ←.
אַוועקגעשטויסן, אַוועקגערוקט. „...וואָס האָט
צײַט מאריו צו זײַן אין דאַוונען און ער
פֿילט זיך, וועט ער באַשטראָפֿט ווערן צו
זײַן אַ, מיט ביידע הענט„ תּניא.
אַוועקגעשטופּטערהייט — אַדוו. לר. וואָס
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשטופּט. זיך אָנשלאָגן אָן וואַנט אַ'.
אַוועקגעשטופּטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשטופּט. אַ, פֿון אַלץ און אַלעם.
אַוועקגעשטעלט — אַדי, פּאַר אַוועקשטעלן←.
1. וואָס איז (ווידער) אין דער ריכטיקער
פּאָזיציע. אַן אַ, בענקל. 2. אָרגאַניזירט,
צוגעגרייט, אײַנגעאָרדנט. אַ'ע פּראָצעדור.
אַדועקגעשטעלטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשטעלט. ← אַוועקשטעלן. עס האַלט זיך

ווי ניט איז אַ..
אַוועקגעשטעלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשטעלט. אײַנגעשטעלטקייט, באַשטימטקייט,
אײַנגעאָרדנטקייט.
אַוועקגעשטראָמטקייט — די (דאָס). בא.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשטראָמט. ← אַוועקשטראָמען.
אַוועקגעפֿלאָסנקייט, אַוועקגערונענקייט מיט אימפּעט.
אַוועקגעשימלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשימלט. ← אַוועקשימלען. שלאָגט אַ ריח
פֿון אַ'.
אַוועקגעשלאָפֿנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אַוועקגעשלאָפֿן. ← אַוועקשלאָפֿן. אַ, במשך פֿון
עטלעכע יאָרהונדערטער.
אַוועקגעשליפֿן ⃞ אַדי, פּאַר אַוועקשלײַפֿן ←.
~געשליפֿענער. באַזײַטיקט דורך שלײַפֿן.
אַ'ענע שאָרסטיקייטן, שפּיצן.
אַוועקגעשלעפּטערהייט — אַדוו. לר.
ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשלעפּט. ← אַוועקשלעפּן (זיך).
באַהאַלטן עפּעס אַ'.

אַוועקגעשלעפּטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעשלעפּט. אַן אַ, אין האָצעפּלאָץ.

אַוועקגעשמאָלצן — אַדי, פּאַר אַוועקשמעלצן ←. ~געשמאָלצענער. אַ'ענע מעטאַלן.

אַוועקגעשמיסן — אַדי, פּאַר אַוועקשמײַסן ←. ~געשמיסענער. אַ'ענע פֿערד.

אַוועקגעשמירטערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעשמירט. ← אָוועקשמירן. ניט באַמערקן עס מער אַ.. *פֿאָרן אַ, = גיך, אָן שטערונג.

אַוועקגעשמירטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַוועקגעשמירט. אַן אַ, אויף אַ גאַנצער פּלאַכטע.

אַוועקגעשניטן — אַדי, פּאַר אַוועקשנײַדן←. ~געשניטענער. אַ'ענע פּאָלע.

אַוועקגעשניטענערהייט — אַדוו. לר. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אַוועקגעשניטן. ← אַוועקשנײַדן. מע קען ניט צוקלעפּן אַ'.

אַוועקגעשפּאַנטערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשפּאַנט. ← אַוועקשפּאַנען.
אַוועקגעגאַנגענערהייט (מיט גרויסע טריט אָדער גיך).
אַוועקגעשפּונעז — אַדי, פּאַר
אַוועקשפּינען ←. וואָס מע האָט פֿאַרבראַכט אין שפּינען.
וואָס מע האָט אויסגעשפּונען. אַ'ע נעכט; אַ'ער
פֿאָדעם.
אַוועקגעשפּיגן — אַדי, פּאַר
אַוועקשפּײַען ←. ~געשפּיגענער. דזוו אויסגעשפּיגן,
אויסגעשפּײַט. אַ'ענער קײַטאַבעק. ~
געשפּייט.
-
אַוועקגעשפּרונגען — אַדי, פּאַר
אַוועקשפּרינגען ←. אַ'ער האָז.
אַוועקגעשפּרונגענערהייט — אַדוו. לר.
ווען מען איז (האָט) אַוועקגעשפּרונגען. אָנקוקן
מיט שרעק אַ'.
אַוועקגעשראָקן — אַדי, פּאַר
אַוועקשרעקן ←. ~געשראָקענער פֿאַרטריבֿן דורך
אָנ.
שרעקן. אַ'ענע פֿייגל.
אַוועקגעשראָקענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)

אַוועקגעשראָקן. קוקן פֿון דער ווײַט אַ'; אַנטלויפֿן אַ'.
אַוועקגעשריבּן — אַדי, פּאַר אַוועקשרײַבּן←.
~געשריבּענער. אַ'ענע ענטפֿערס.
אַוועקגעשריבּענערהייט — אַדוו. לר. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אַוועקגעשריבּן. „שפּעט שוין צו האָבּן חרטה אַ'“,
רידד.
אַוועקגעשריגן, ~געשר ען — אַדי, פּאַר
אַוועקשרײַען ←. ~געשריגענער, ~
געשריִענער. אַ'גענער, אַ'ער אָנפֿאַלער; אַ'גענע, אַ'ע
ווייטיקן.
אַוועקגראַבּליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע)
אַוועק, ~געגראַבּליע(ווע)ט. אַוועקשאַרן (היי,
בּלעטער, מיסט) מיט אַ גראַבּליע פֿון איין
אָרט אויף אַן אַנדערן. אַ, פֿון הויף די
אָנגעפֿאַלענע בּלעטער.
אַוועקגראַבּלען — טרוו. ־בּל אַוועק, ~
געגראַבּלט. מיט נעגל, פֿינגער אָדער אַ מכשיר
גראַבּלען און דאָס אויסגעגראַבּלטע
אַוועקרוקן אין אַ זײַט. אַ, דאָס צוגעבּרענטע. „
קינדערשע הענטלעך גראַבּלען אַוועק דאָס זאַמד“.
אַוועקגראַבּלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך פּאָרען אַ לענגערע צײַט. זיך אַ, בּײַ אָן
אַרבּעט דעם גאַנצן פֿרימאָרגן. 2.

איבעררוקן זיו מיט שווערי‏קייטן אויף אַן אַנדער

אַוועקגרעפּצ(ע)ן

אָרט; אַוועקקריכן, אַוועקראַטשקען זיך. אַ,
זיך אויף אַלע פֿיר.
אַוועקגראָבן — טרוו. גראָב אַוועק, ~
געגראָבן. 1. דורך גראָבן אָפּרייניקן,
באַפֿרײַען פֿון עפּעס וואָס שטערט, אַוועקשאַרן
מיט אַ לאָפּעטע. אַ אַ בערגל ליים. אַ,
,
ערד פֿון אונטער פֿאַרזונקענע רעדער.
2. גראָבן אַ לענגערע צײַט.
אַוועקגראַבעווען — טרוו. ־בעווע אַוועק,
~געגראַבעוועט. רוסיצ. אַוועקרויבן. אַ, פֿון
עמעצן ס'לעצטע.
אַוועקגראַמען — גראַם אַוועק, ~געגראַמט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט
מאַכן גראַמען, מיט שרײַבן ווייניק־ווערטיקע
לידער אין גראַמען. „דער בדחן האָט
אַוועקגעגראַמט וועגן דער גאַנצער משפּחה אפֿשר
אַ שעה צײַט„. טרוו — נעאָל. דורו
גראַמען עפּעס אָפּשאַפֿן, צו נישט מאַכן. „אים
האָט געשראָקן די נאָענטשאַפֿט פֿון טויט אוו

ער האָט דעם שרעק געמומען אַ'", יג, 1955.
אַוועקגריבלען זיך — אוטוו. ־בל זיך אַוועק,
זיך ~געגריבלט. אַ לענגערע צײַט זיך
חקירהן, פֿאָרשן מיט איבערגעשפּיצטקייט.
אַוועקגריז(י)ען, ~גריזשען — טרוו.
גריז(י)ע, גריזשע אַוועק, ~געגריז(י)עט, ־
גריזשעט. 1. אַוועקבײַסן מיט שאַרפֿע ציין
אָדער מכשיר אַ טייל פֿון אַ האַרטער זאַך.
אַ אַ שטיק ביין. 2 פֿאַרענדיקן גריז(י)ען,

, .

מנצח זײַן עמעצן דורך ערגערן אים. אַ, אַ
מענטשן, אויפֿעסן אים לעבעדיקערהייט

אַוועקגרייכן — אוטוו. גרייך אַוועק, ~
געגרייכט. זיך אַוועקציִען, זיך אויסשטרעקן
ווײַט פֿון אָרט וואו מע געפֿינט זיך. זײַן רום
גרייכט אַוועק ווײַט אין פֿרעמדע לענדער.
אַוועקגרילצן — גרילץ אַוועק, ~געגרילצט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט זינגען אָדער שפּילן
אויף אַן אינסטרומענט און דערבײַ עס טאָן
פֿאַלש (ניט אין ריכטיקן שליסל, טאָן). „זי
האָט דען געזונגען, זי האָט אַוועקגעגרילצט
צוויי שעה נאָכאַנאַנד ביז צום חלשן,„ רייד.
טרוו — דזוו אויסגרילצן ←.

אַוועקגרימפּלען — אוטוו. ־פּל אַוועק, ~געגרימפּלט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט שפּילן שלעכט אויף אַ פֿידל אָדער אַנדער סטרונע־אינסטרומענט. אַ, אויף אַ צעבראָכן פֿידעלע.
אַוועקגרינעז — אוטוו. גרין אַוועק, ~געגרינט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט גרינען. „די ביימער אין וואַלד האָבן אַוועקגעגרינט„.
אַוועקגריפֿלען — טרוו. גריפֿל אַוועק, ~ געגריפֿלט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט שרײַבן מיט אַ גריפֿל אויף אַ טאָוול (קינדער־לשון).
אַוועקגרעפּצ(ע)ן, ~גרעפּס(ע)ן — טרוו. גרעפּץ(־צע), ־פּס(ע) אַוועק, ~געגרעפּצ(ס'ע)ט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט גרעפּצן. זיך אָנעסן און אַ'. 2. האַלטן אַן אומאינטערעסאַנטע רעדע, שטאַמלען. גראָב. „דער רעדנער האָט אַוועקגעגרעפּצט אַ רעדע, און דער עולם האָט זיך ביסלעכווײַז גענומען אַרויסשאַרן פֿון זאַל„, רייד.

אַוועקדאַוו(ע)נען

אַוועקדאַוו(ע)נען — טרוו. דאַוון אַוועק,

~געדאַוונט. 1. דאַוונען זייער לאַנג. אַ, אַ
פּשוטע מנחה; אַ, דעם ראָש־השנהדיקן מוסף.
„ער דאַוונט כּסדר די גאַנצע נעכט אַוועק,
זאָגט בּרוך שם כּבֿוד מלכותו אָן אַן עק„,
ממוס, שירה. 2. דאַוונען ערגער אָדער
בּעסער ווי געוויינטלעך. „אוי, האָט דער חזן
אוועקגעדאַוונט„. אַ, ווי מיט אַ פֿולער בּויד

אין אַ בּלאָטע = אַ, שלעכט, מיט גרײַזן אין
בּרי. 3. דורך דאַוונען אָפּשאַפֿן, בּטל מאַכן.
„אַן אַלטער גראָער ייִד דאַוונט פֿרום אַוועק
דעם שטויבּ פֿון יאָר־יריד„, מאַנ.

אַוועקדאָיבּען, ~דאָלבּען — טרוו. דאָיבּע,
דאָלבּע אַוועק; ~געדאָיבּעט, ~געדאָלבּעט.
אַוועקהאַקן מיט אַ דלאָטע אע אַ טייל פֿון
אַ האַרטער זאַך (אָדער אינגאַנצן). אַ, דעם
שפּיץ פֿון אַ שטיין.

אַוועקדאַכטן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
דאַכט זיך אַוועק, זיך ~געדאַכט. אָפּדאַכטן
זיך, אויסדאַכטן זיך אַ לענגערע צײַט. עס

האָט זיך אים אָוועקגעדאַכט אַז ער קען העלפֿן".
אַוועקדאָסן — טרוו. דאָס אַוועק, ~ געדאָסט. 1. אַוועקטאָן [במקום־וואָרט פֿאַר אַ צאָל טואונגען; דער באַטײַט ווערט קלאָר פֿון דער סיטואַציע: אַוועקגנבֿענען, אַוועקנעמען, אַוועקוואַרפֿן אאַזוו. אייפֿעמיזם פֿאַר אַ צאָל טואונגען]. 2. טאָן אַן אַרבעט לאַנג און (אָדער) ניט גוט. גראָב.
אַוועקדאָקטערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אַוועק, זיך ~געדאָקטערט. זיך היילן אַ לענגערע צײַט בײַ אַ דאָקטער אָדער אַ צאָל דאָקטוירים (בײַטעם: מער ווי נייטיק).
אַוועקדברן — [...דאַבערן] טרוו. דבר אַוועק, ~געדברט. איר. רעדן אַ לאַנגע צײַט און אָנדערציילן שטותים, גראָבקייטן אע. „אַ, אַ רעדעכץ, אַז גאָט אין הימל זאָל שומר ומציל זײַן".
אַוועקדויערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~ געדויערט. 1. זיך ציִען לאַנג. „ווער ווייסט וויפֿל עס וועט אַ, ביז די ישועה וועט קומען". 2. זיך אויפֿהאַלטן, פֿאַרבלײַבן אין דעם זעלביקן מצבֿ. „[דער שטיין] דויערט אַוועק אַ לאַנגע צײַט, כאָטש זײַן מײַסטער פֿוילט שוין לאַנג אין גרובֿ", עט, לידער.

אַוועקדונערן — דונער אַוועק, ~געדונערט.
אוטוו — 1. (דריטפּערזאָניק) דונערן אַ לענגערע צײַט. „עס האָט אַוועקגעדונערט בּיז שפּעט אין אָוונט“. 2. אַרויסגעבּן זייער הילכיקע קלאַנגען, ענלעכע צו אַ דונער. די קאַנאָנען דונערן אַוועק. טרוו — אַרויסבּרענגען עפּעס אַ לענגערע צײַט דורך זייער הילכיקע קלאַנגען. אַ, אַ רעדע.
אַוועקדורען — טרוו. ־רע אַוועק, ~געדורעט.
אוקר. אַרויסקריגן עפּעס דורך צושטיין שטאַרק, חנפֿענען, וויינען אע. אַ אַ זאַק קאַר, טאָפּל, אַ פּאָר שטיוול.
אַוועקדושען — טרוו. ־שע אַוועק ~ געדושעט. סל. < רוס. דערשטיקן, דערוואַרגן. אַ, די אַלע טמאים און אַ סוף זאָל עס נעמען.
אַוועקדזוואָנ(י)ען — ־נ(י)ע אַוועק, ~

גע79

דזוואָנ(י)עט. אוקר. אוטוו — קלינגען אַ לענגערע צײַט. אַ, אין קלויסטער. טרוו — צעקלינגען, צעפּויקן. אַ, אַ רכילות אין אַלע ווינקעלעך.

אַוועקדזיובען — טרוו. ־בע אַוועק, ~
גערזיובעט. אוקר. אַוועקפּיקן, אַ, קערנער פֿון
אַ פּאַפּשוי.
אַוועקדיכען — ־כע אַוועק, ~געדיכעט. אוקר.
אוטוו — (גראָב) שלאָפֿן אַ לענגערע צײַט.
„ער דיכעט אַוועק, ס'איז שוין האַלבער טאָג“.
טרוו — אַוועקבלאָזן מיטן אָטעם. אַ אַ שטיקל
,

פּאַפּיר.
אַוועקדינגען — טרוו. דינג אַוועק, ~
געדונגען. 1. אַוועקגעבן עמעצן עפּעס אויף אַ
באַשטימטער צײַט פֿאַר באַצאָלט. אַ אַ פֿעלד,
,

-

אַ הויז. 2. דורכקומען אויף אַ קלענערן
פּרײַז ווי ס'איז לכתחילה געווען אָנגעבאָטן. אַ,
אַ גראָשן פֿון אַ קאָפּיקע.
אַוועקדינען — אוטוו. דין אַוועק, ~געדינט.
[אָביעקט אין דאַטיו] . 1. דינען אַ לענגערע
צײַט. „אַז גאָט וועט איר העלפֿן זיך שטעלן
דאָ אויף דעם גוטן אָרט, אַ, אַ צײַט און

צונויפֿשלאָגן עטלעכע גראָשן", ממוס, ווינטשפֿ.
2. זיך מאַטערן און דינען אַ לאַנגע צײַט.
,,ייִדן האָבן אַוועקגעדינט מצרים פֿיר הונדערט
יאָר". ,,...דאָס לעבן פֿון אַ סאָלדאַט וואָס
האָט אַוועקגעדינט 25 יאָר", קמ, 1863
.No 28
אַוועקדיקטעווען — טרוו. ־טעווע אַוועק,
~געדיקטעוועט. פֿטמ. פֿאָרזאָגן, אַז אַ
צווייטער זאָל פֿאַרשרײַבן. אַ, אַ בריוו קיין
אַמעריקע.
אַוועקדלובּ — טרוו ־בּ[.
אָרויסען .
אַוועק,
~געדלובעט. אויך: ~דל
יבען.
באקומען; אַוועקראַצן. אַ אַ קרישקע פֿון
,

-
צווישן די ציין. 2. אַוועקבויערן.
אַוועקדלובען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַוועקפּאָרקען זיך בּ אַן אַרבעט,

אַוועקי
פּטרן צײַט בײַם טאָן עפּעס. „אַ, זיך מיט
אַ זייגער אַ פּאָר שעה און — גאָרנישט„.
אַוועקדענקען — דענק אַוועק, ~געדענקט.
אוטוו — 1. דענקען אַ לענגערע צײַט.
2. אַוועקגיין אין געדאַנק פֿון עפּעס. „טושט
דוא פֿון די תּורה אַוועקדענקן ווען קומשט
ווידר איבּר דיין לערנן קאָנשטו ניט דרינן,
טוטש דיך קרענקן„, עיון, 2/54. טרוו —
אַבּסטראַהירן; דורך דענקען באַפֿרײַען פֿון עפּעס;
זיך ניט לאָזן באַווירקן פֿון עפּעס. אַ, די וועלט
פֿון די חושים און אַרײַנדענקען (זיך) אין אַ
וועלט פֿון הוילער אַבּסטראַקציע.
אַוועקדעפּעשירן — טרוו. ־שיר אַוועק,
~(גע)דעפּעשירט. אַוועקשיקן אַ טעלעגראַם
(אין אײַלעניש).
אַוועקדעקלאַמירן — טרוו. ־מיר אַוועק,
~(גע)דעקלאַמירמ. דעקלאַמירן אַ לענגערע
צײַט.
אַוועקדערהייבּן — טרוו. איצ נבּ. ~
דערהויבּן. 1. דערהייבּן עמעצן צו זייער אַ הויכער
פּאָזיציע. אָפּט איר. 2. לויבּן עמעצן איבּער
דער מאָס, חנפֿענען. אַ, בּיז אין הימל אַרײַן.
אַוועקדערהרגענען — [...האַרגענען] טרוו.

דערהרגע אַוועק, ~דערהרגעט. פֿטמ. דזוו

אַוועקדרייען זיך

דערהרגענען, נאָר עמפֿאַטישער. אַ, אַלעמען: אַנשים, נשים וטף.

אַוועקדערוואַטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~דערוואַטערט. פֿסמ. דערוואַטערן עפּעס אָדער עמעצן אויף אַ גרויסן מהלך; פֿאַרטרײַבן, פֿאַרשטויסן. אַ, עמעצן, ניט לאָזן פֿאַר די אויגן.

אַוועקדערלאַנגען — דערלאַנג אַוועק, ~דערלאַנגט. פֿטמ. אוטוו — גרייכן וויַט פֿון אָרט. „דער אַוויר דערלאַנגט אַוועק אַזש העט וואו“. טרוו — 1. אַוועקגעבן און צושטעלן. „דערלאַנג אַוועק צום טיש דאָס געבראָטנס און דאָס געבעקס“. 2. אויסרעדן עמעצן זייער שאַרף און גראָב; אָנזידלען. אַ, אַ גאָב.

אַוועקדערציילן — טרוו. דערצייל אַוועק, ~דערציילט. 1. דערציילן אַ לענגערע צײַט. 2. דערציילן אַלץ (ניט פֿאַרשווײַגן דערבײַ גאָרניט). אַ, עמעצן אַלץ פֿון אונטער די עגל. 3. זיך אָפּרעכענען מיט עמעצן; אַוועקדערלאַנגען, טרוו ב2. אַ, עמעצן די מעשׂה, ער זאָל האָבן צו געדענקען.

דר􏰀רראַלען
— אוטוו. ־לע אַוועק, ~
געעט. פּפֿ: ~דראָלען. וורר, אוקר. סל.
אַווע

-

אַוועקלויפֿן. אַ, ווי אַ בער אָן אַן עק.
אַוועקדראַפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~
געדראַפּעט. אַוועקקראַצן. אַ אַ שטיקל הויט,
,

אַ סטרופּ.
אַוועקדראַפּען זיך — אוטוו. ־פּע זיך אַוועק,
זיך ~געדראַפּעט. אַוועקקריכן מיט
שוועריקייט. אַ, זיך אויף אַלע פֿיר.
אָוועקדראַקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~גע.
דראַקעט. 1. אַוועקשרײַבן מיט
אומגעלומפּערטע אותיות, שמוציק; אָנשרײַבן עפּעס
גראָבֿיונג􏰀ריש, פּאַסקווויליש. אַ אַ בריוועלע

מע זאָל האָבן וואָס צו געדענקען. 2. אָוועקפּטרן מיט פּאַטשקערײַען פּלעקן, שמוץ. אַ, א פּאָר בויגנס פּאַפּיר.

אַוועקדריבּלען — טרוו. ־בל אָוועק, ~ געדריבּלט. אַוועקצופּן, אָפּפּיצלען; אַוועקנעמען, אַוועקרײַסן פּעדעם פון אַ געוועב. אַ, פּעדעמלעך פון אַ מלבוש. אַ, אַ שטיקל צוקער. אויך: ~דריוולען.

אַוועקדריגען — ־גע אַוועק, ~געדריגעט. אוטוו — לאָזן זיך ערגעץ גיין און דריגען, שטויסן מיט די פּיס. „דאָס פערדל האָט אַוועקגעדריגעט אין פעלד אַרײַן". טרוו — אַוועקשטויסן מיטן פוס (פּיס). אַ, מיט דער קאָפּיטע דעם צעבּער.

אַוועקדרייען — טרוו. דריי אַוועק, ~ געדרייט. 1. לאָזן אין גאַנג אָ ראָד, רירן פון אָרט אַ קײַלעכדיקע זאַך; מאַכן אַ צאָל קרײַזיקע באַוועגונגען. אַ, דעם וואָגן. 2. פּאַרקירעווען פון איין ריכטונג אין אַן אַנדערער. „ער דרייט אַוועק פון זיי דעם קאָפּ, קוקט אין גאַס", ממוס, ווינטשפ. *אַ, (פון עמעצן) דעם קאָפּ, דאָס פּנים = ניט וועלן האָבן צו

טאָן מיט עמעצן; ווײַזן אַז מען איז ברוגז,
אין כּעס.

אַוועקרײַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. אָנהייבן זיך דרייען (אַ לענגערע צײַט).
"די מאַשין דרייט זיך. אַוועק און אַוועק".

אַוועקדריכנען

2. זיך אָפּקערן, אָפּטרעטן אין אַ זײַט.
,,עס שטייען שוין אַנדערע דאָרט אויף
דעם אייגענעם אָרט, כ'דריי זיך נאָר אַוועק —
אַנו, זיי זײַנען שוין נישטאָ", אבג, ,דער ייִד
אין קיִעוו', [הש 3 .I]. ווערן ברוגז,
איבעררײַסן באַציאונגען. אַ, זיך פֿון עמעצן, אָפּהאַקן
אויף שטענדיק.

אַוועקדריכנען — אוטוו. ־נע אַוועק, ~
געדריכנעט. רוסיצ. שלאָפֿן, פּאָפֿן אַ לענגערע
צײַט (פֿון שיכּרות, פֿוילקייט). אַ, ביז האַלבן
ס קדרילז

— סרוו. דריל אַוועק, ~
געגן.

אַוו
דרילט. זאַמעט. דזוו אַוועקדרעליעווען.

אַוועקדרימבֿלען — טרוו. ▯בל אַוועק, ~
געדרימבֿלט. אָנהייבֿן אָדעו (און) אַ לענגערע
צײַט שפּילן פֿאַלש. אַ, אויף אַ מאַנדאָלינע.
אַ, אויפֿן באַס, מע זאָל טויבֿ ווערן.
אַדועקדרימלען, ~ררעמלען —. אוטוו.
־מל אַוועק, ~געדרימלט, ~געדרעמלט.
אַוועקשלאָפֿן מיט אַ גרינגן שלאָף. אַ, אַ
נאָכמיטאָג.
אַוועקרריקן — טרוו. דריק אַוועק, ~
געדריקט. דריקן און אַוועקשטויסן עמעצן
אָדער עפּעס; פֿאַרענגערו.
אַדועקדרעליעווען — סרוו. ־ליעווע אַוועק,
~געדרעליעוועט. באַזײַטיקן, אַראָפּנעמען דורך
בויערן אַ טייל אָדער די גאַנצע זאַך טיילנווײַז.
אַ, אַ שלעכטע פּלאָמבע פֿון אַ צאָן.
אַדדעקדרש(ע)נען. — [...דאַרשענען] טרוו.
דרשן (דרשע) אַוועק, ~געדרשנט (~
געדרשעט). דרש(ע)נען אַ לענגערע צײַט, אָפּטער
איר, אַרויסזאָגן שטות, טענהן לאַנג, אָן אַ
גרונד. אַ, אַ דרשה.
אַוועקהאָדעווען — טרוו. ־דעווע אַוועק,
~געהאָדעוועט. 1. העלפֿן זיך אַנטוויקלען,
באַשפּײַזן, דערציִען אַ לענגערע צײַט. אַ,
קעלבֿלעך, קינדערלעך. 2. דזוו

אויסהאָדעווען ←.
אַוועקהאַוועך — אוטוו. ־ווע אַוועק, ~ געהאַוועט. האַוועך, שמײַען, אַרומיאָגן זיך אַ לענגערע צײַט. אַ, דאָס גאַנצע לעבן נאָכן טרוקענעם שטיקל ברויט.
אַוועקהאַוקען — ־קע אַוועק, ~ געהאַוקעט. אוטוו — 1. האַוקען, בילן אַ לאַנגע צײַט. 2. אַוועקרעדן רשעותדיק, גראָב אע. א, א גאַנצע נאַכט. טרוו פֿאַרטרײַבן

עמעצן דורך האַוקען.
אַוועקהאָלדערן — אוטוו. ־דער אַוועק, ~געהאָלדערט. אַרויסברענגען קלאַנגען (וועגן אינדיק אָדער ווי פֿון אַן אינדיק) וואָס ציִען זיך לאַנג אָדער פֿאַרטראָגן זיך ווײַט.
אַוועקהאַלטן — האַלט אַוועק, ~געהאַלטן. אוטוו. 1. געדויערן, זיך ציִען. „דאָס קדחת קען נאָך אַוועקהאַלטן אַ פּאָר וואָכן". „די פֿרעסט האַלטן אַוועק דעם גאַנצן חודש שבֿט". 2. אויסהאַלטן אַ לענגערע צײַט.

,,דער דאַך קען נאָך אַ, עטלעכע יאָר,,.
טרוו — 1. האַלטן עפּעס אַ לעגגערע צײַט.
,,ער האָט אַוועקגעהאַלטן מײַן בוך אַ גאַנצן
חודש‘‘. 2. האַלטן דערווײַטערט, אָפּגעטיילט
פֿון עפּעס. אַ, קינדער פֿון דער גאַס. ,,האַלט

80

אַוועק דאָס פֿײַער, מע קען נאָך אָנמאַכן אַ
שריפֿה‘‘. 3. ניט דערלאָזן צו עפּעס; ניט
לאָזן זיך צוגעוואוינען, אָפּגעוואוינען. אַ,
עמעצן פֿון ביטערן טראָפּן.
אַוועקהאַלטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
ניט אַרײַנלאָזן אין עפּעס; אויסמײַדן עפּעס
אָדער עמעצן. ,,אָבער פֿון דער...אַרמיי האַלט
זיך אַוועק! האַלט זיך אַוועק, דזשאָו, וועסט
ווערן אַ באָם!,,, דעמבלין, וועסט־סײַד.
אַוועקהאַמערן — האַמער אַוועק, ~
געהאַמערט. אוטוו — האַמערן אַ לענגערע צײַט.
אַ, ביז שפּעט אין אָונט. טרוו — 1.
אַוועקשלאָגן, אַוועקקלאַפּן מיט אַ האַמער. 2. אַ
לענגערע צײַט באַשיסן מיט שווערן וואָפֿן. אַ,
מיט רייד.
אַוועקהאַמפּערן זיך — דזוו אַוועקאַמפּערן

זיו.

אַוועקהאַנדלען — האַנדל אַוועק, ~
געהאַנדלט. אוטוו   פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל

אַ לענגערע צײַט. אַ, פֿון קינדווײַז אָן. טרוו
— אָפּקויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן עפּעס פֿון עמעצן
(וואָלוול אָדער בײַם אויסקאָנקורירן עמעצן). אַ,
אַ הויז פֿון עמעצען. „קומט נאָר בעסער אי„ה
מאָרגן, וועט איר אַ, דעם צעלניק„, קאַלמוס,
דער קאָמיסיאָנער, ווילנע 1880.
אַוועקהאָפּסלען, ~האָפּקען — אוטוו.
האָפּסל, האָפּקע אַוועק, ~געהאָפּסלט, ~
געהאָפּקעט. אַוועקלויפֿן, אַוועקרײַטן אע,
אונטערטאַנצנדיק, שפּרינגענדיק. „דער עסקאַדראָן
האָט אַוועקגעהאָפּסלט", מחה סנה, דאָס
געשריי אין דער נאַכט.
אַוועקהאָצקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געהאָצקעט. אָפּט מיט ז י ך. דערווײַטערן זיך
(אַוועקלויפֿן, אַוועקשפּרינגען, אַוועקרײַטן אע)
אונטערטאַנצנדיק, אין אַ פֿריילעך, זאָרגלאָז
געמיט אָדער אין התפּעלות. אַ, אויף איין
פֿיסל. אַ, אין אַ חסידיש טענצל. „ער האָט
געזען אַ הינקעדיקן, ווי ער האָצקעט זיך
אַוועק [אויף אַ קוליע]", זש.

אַוועקהאַקן — טרוו. האַק אַוועק, ~
געהאַקט. 1. אַוועקקלאַפּן, אַוועקשפּאַלטן מיט
אַ האַק. אַ אַ צווײַג. „שוין לאַנג ווי די
בּעלי,
בּתּים פֿון געסל ווילן זיך צונויפֿנעמען
אַוועקצוהאַקן דאָס אײַז אַרום דעם בּרונעם", ווײַס I.
2. קלאַפּן אָדער שאַפֿן דעם אײַנדרוק פֿון
האַקן בײַם טאָן, רעדן. אַ אַ לעקציע.
,
אַוועקהאָרכן — טרוו. האָרך אַוועק, ~
געהאָרכט. 1. זיך צוהערן אַ לענגערע צײַט.
2 פֿאַרפֿעלן צו הערן וואָס עמעצער זאָגט.
.
אַ, די לעקציע. 3. ניט פֿאָלגן. אַ, דער
מאַמעס רײַך.
אַוועקהאָרעוועט — אוטוו. ־רעווע אַוועק,
~געהאָרעוועט. אַרבּעטן שווער אַ לענגערע
צײַט. „מאַכט אָן אייבּערשטיבּלעך, אַלקערס אין
דער זײַט, האָרעוועט אויף דעם אַוועק אַ
היפּשע צײַט", ממוס, שידה.
אַוועקהובּלען
— טרון.
לעוו .
אַוועקנע־בּל אַוועק, ~

געהובלט. אויך: ~הובֿ
מען, אַוועקשאָבֿן מיט אַ הובֿל אַן אייבֿערשטן
טייל. אַ, די שאָרסטיקייטן; אַ אַ האַלבֿע

,

בֿרעט.

אַוועקהײַטלען

אַוועקהוד(י)ען, ~הו(ד)זשען — הוד(י)ע.
הו(ד)זשע אַוועק, ~געהוד(י)עט, ~געהו(ד)־
זשעט. אוטוו — 1. אַרויסגעבֿן קלאַנגען,
ענלעכע צו הו־הו, אַ לענגערע צײַט. 2. זיך
אָפּטראָגן פֿון אָרט ערגעץ וואוהין מיט אַ
הודיען, רוישן פֿײַפֿן. דער אויטאָ האָט

,

אַוועקגעהודיעט אין דער ווײַט אַרײַן. טרוו
— אָוועקטרײַבֿן מיט הודזשען. אַ, פֿייגעלעך.
אַוועקהוידען — טרוו. ־דע אַוועק, ~
געהוידעט. 1. אָנהייבֿן אָדער אַ לענגערע צײַט
הוידען, וויגן. אַ, קינדער. 2. פֿאַרטרײַבֿן,
פֿאַריאָגן פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. אוקר..
אַ, די טויבֿן.
אַוועקהוידען (זיך) — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שאָקלען זיך, וויגן זיך. אַ, זיך בײַם דאַווענען, בײַם לערנען גמרא. 2. דערוויטערן זיך, הוידענדיק זיך. „דאָס שיפֿל האָט (זיך) אַוועקגעהוידעט איבער די כוואַליעס‟.

אַוועקהויכן — טרוו. הויך אַוועק, ~ געהויכט. 1. אַוועקבלאָזן מיטן הויך. אַ, אַ פּאַפּירל פֿון שרײַבטיש. 2. אַוועקגעבן עפּעס, אָנווערן דורכן שווערן אָטעמען. אַ, די לעצטע כּוחות. אַ, די נשמה = שטאַרבן.

.

אַוועקהוליען — אוטוו. ־ליע אַוועק, ~ געהוליעט. 1. הוליען אַ לענגערע צײַט. אַ, און פֿאַרגעסן צו קומען אַהיים. 2. זיך אַוועקלאָזן ערגעץ הוליענדיק (טאַנצנדיק, זינגענדיק). אַ, אין אַ צווייטן דאָרף אַרײַן.

אַוועקהולכן — [...הוילעכן] אוטוו. הולך אַוועק, ~געהולכט. 1. אַוועקגיין — מיטן בײַטעם: ניט אויפֿן געוויינטלעכן אופֿן (מיט צו גיכע אָדער גרויסע טריט, שלעכט צי ניט פּאַסיק אָנגעטאָן אע). 2. אַוועקגיין מיט פֿאַרדראָס, רוגזא. געוויינטלעך איר. אַ, אָן אַ זײַ־געזונט.

אַוועקהונגערן — אוטוו. ־גער אַוועק, ~ געהונגערט. אַ לענגערע צײַט זײַן אָן (אָדער

מיט ווייניק) עסן. אַ, אין אַן אומגערעטעניש.

אַוועקהוסטן — הוסט אַוועק, ~געהוסט.
אוטוו — הוסטן אַ לענגערע צײַט. „און אַמאָל
בײַנאַכט מאַכט זיך, זאָל ער זיך אויפֿכאַפּן
און אַ, אַ גאַנצע נאַכט“, שע, שיר־השירים.
טרוו אַוועקיאָגן, אַוועקטרײַבן עפּעס דורך
- ▯
הוסטן. אַ, דעם רויך פֿון ציגאַר.

אַוועקהוקען — הוקע אַוועק, ~געהוקעט.
אוטוו — 1. אַרויסלאָזן בייזע קלאַנגען אין
דער ווײַט אַרײַן. 2. זיך אַוועקלאָזן ערגעץ
מיט אַ הוקען, אַ געטומל. אַ, שיכּורערהייט
אויף צעפּאַרעטע פֿערד. טרוו — מיט הוקען
אַוועקטרײַבן. אַ, דעם הונט.

אַוועקהיטן — טרוו. היט אַוועק, ~געהיט
(פּר ~געהיטן). 1. אַ לענגערע צײַט
אויסהיטן עמעצן פֿון עפּעס. אַ, די קינדער
פֿון פֿײַער. 2 פֿאַרבאַהאַלטן אויף שפּעטער
.
אין אַ זיכער אָרט. אַ, אַ קניפּל אויף אַן
ענגער צײַט. מיט ז י ך — אויסמײַדן; זײַן
פֿונדערווײַטנס פֿון עפּעס אָדער עמעצן. אַ, זיך
פֿון אַ פֿאַלשן פֿרײַנד.

אַוועקהײַטלען — טרוו. הײַטל אַוועק, ~

געי
הײטלט. אָפּציִען, אַראָפּנעמען דאָס הײטל,
די הויט. אַ, פּלוימען פֿאַרן פּרעגלען.

אַוועקהיילן

אַוועקהיילן — סרוו. הייל אַוועק, ~געהיילט.
1. היילן אַ לענגערע צײט (אָפּט מיט ז י ך).
אַ, זיך אַ גאַנצן זומער אין די בּעדער.
2. בּאַפֿרײַען פֿון אַ קראַנקייט. אַ אַ מכּה.
,
אַוועקהײַלן — הײַל אַוועק, ~געהײַלט. אוטוו
— אָנהייבּן (אָדער אַ לענגערע צײַט) וואָיען
צעצויגן. אַ, אין דער נאַכט אַרײַן. טרוו —
אַוועקיאָגן דורך וואָיען.
אַוועקהייצן — טרוו. הייץ אַוועק, ~
געהייצט. 1. הייצן אַ לענגערע צײַט. אַ, דעם
אויוון פֿון מוצאי־שבּת בּיז ערבֿ־שבּת.
2 פֿאַרבּרענען בּײַם הייצן דעם גאַנצן
מאַ.
טעריאַל (האָלץ, קוילן, נאַפֿט אע). אַ, בּיזן
לעצטן טראָפּן נאַפֿט.
אַוועקהילכן — אוטוו. הילך אַוועק, ~
געהילכט. 1. אַרויסבּרענגען אַ לענגערע צײַט

הילכיקע קולות אין דער ווײַט אַרײַן. 2. זיך
אַ לאָז טאָן ערגעץ מיט אַ געהילך. "...האָט אַ
בּרום געטאָן און אַוועקגעהילכט...איבּער די
אײַזערנע בּריקלעך", ש. גאָדינער, איבּז
צעמענט.
אַוועקהימלען — אוטוו. ־מל אַוועק, ~
געהימלט. 1. אַוועקטראָגן זיך ווײַט, בּיז צום
הימל. אַ, צו דעם ווײַטן און גליקלעכן עתיד.
2 פֿטמ. שטאַרבּן (גראָבּלעך). „ווען דער
.
אַלטער וועט אַ', וועט זיך אָנהייבּן אַ קריגערײַ
איבּער דער ירושה", רייד. 3. פּר. אָנהייבּן
און (אָדער) אַ לענגערע צײַט ציטערן. אַ קלאַפּ
טאָן איבּערן טיש, אַז די גלעזער זאָלן אַ'.
אַוועקהינ(י)ען — הינ(י)ע אַוועק, ~
געהינ(י)עט. וורר. אוטוו — זוימען זיך
פֿאַר,
האַלטן זיך אַ לענגערע צײַט. אַ, עטלעכע טעג
מיטן וואַרטן. טרוו — אַוועקפּטרן אויף
אומוויכטיקע זאַכן, אויף גאָרניט. אַ, אַ לעבּן.
אַוועקהינקען — אוטוו. הינק אַוועק, ~
געהונקען (אויך: בּ י ן), ~געהינקט. 1.
אַוועקגיין (אַוועקלויפֿן) הינקענדיק(ערהייט). אַ, אויף
קוליעס. „איין שניישוך איז געווען צעבּראָכן...

פּיט האָט אַוועקגעהינקט,,, אָפּאַ, 'אַ שטורעם'.
2. הינקען אַ לענגערע ציַיט. 3. פּאַמעלעך,
מיט שוועריקייטן, וואַקלענישן אַוועקגיין פֿון
אַ ריכטונג, שיטה. איר. ,,דערעיקרשט רעדן
וועגן אויפֿריכטיקייט אַזעלכע ייִדישע
שרייַבערס, וואָס האָבן צענדליקער מאָל
אַוועקגעהונקען פֿון דאָרטן", יג, תּוך.
אַוועקהיקען — היקע אַוועק, ~געהיקעט.
אוטוו — 1. אַרויסלאָזן מיט שוועריקייט
קלאַנגען, זיך פֿאַרהאַקנדיק, שטאַמלענדיק. אַ,
און ניט קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. 2. זיך
אַוועקלאָזן ערגעץ מיט אַ היקען, אַ געטומל.
אַ, אויף פֿערד אין ווײַטקייטן אַרײַן. טרוו ᐤ אַ
לענגערע צײַט אַרויסברענגען עפּעס
שטאַמלענדיק. אַ, אַ גאַנצע דרשה אויף אַ שעה
צײַט.
אַוועקהלושען — וורר, אוקר. דזוו
אַוועקגלושען, אַוועקלושען ←.
אַוועקהלכענען — [...האַלכענען] הלכע
[האַלכע], הלכן [האַלכן] אַוועק, ~געהלכנט
(~געהלכעט). דזוו אַוועקהולכן ←. געניצט
אַנשטאָט אַוועקגיין אין 'פֿאַרשטעלטן, לשון.
אַוועקהענגען — טרוו. הענג אַוועק, ~

האַנגען (אויך ~האָנגען). 1. אויפֿהענגען ע 1עס
(אַ מלבּוש, אַ כּלי) אין אַ זײַט, מיט דער
כּוונה ווייניק (אָדער גאָרנישט) עס צו ניצן. אַ,
די ווינטערדיקע מלבּושים, ווען עס קומט
פֿרילינג. 2. אויפֿהענגען אויף אַ לענגערער
צײַט. „נאָכדעם זאָל מען די מילך אַ,
אויסצוטריקענען בײַ דעם רויך פֿון קוימען„, טאַרלער
רבּי, סגולות ורפֿואות I, לאָדז 1910 [ ].
אַוועקהעצקען (זיך) — אוטוו. ־קע (זיך)
אַוועק, (זיך) ~געהעצקעט. אויך: ~
חעטשקען זיך. דזוו אַוועקהאָצקען (זיך). „אַזוי
האָבּן זיי אַלע דרײַ אַוועקגעהעצקעט אין די
לאַנגע שינעלן“, זש, נח פּאַנדרע.
אַוועקהערשן — אוטוו. הערש אַוועק, ~
געהערשט. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט
הערשן. אַ, איבּער אַ לאַנד.
אַוועקהרגענען — [...האַרגענען] טרוו. הרגע
אַוועק, ~געהרגעט. 1. דערהרגענען, טייטן.
אַ אַן אומשולדיקן מענטש. „געפּאַקט דעם
יצר־הרע און אים געלאָזט אַ,„, רודאָי, טמז,
2 .31 1954 I. קאַליע מאַכן, איבּערפֿירן,

אַוועקפּטרן. אַ, צײַט = פּטרן צײַט אויף
גאָרנישט. ״דעם בעסטן וויץ הרגעט ער אַוועק,
ס'קומט בײַ אים גאָרנישט אַרויס״, אָפּאַ, די
טענצערין. „'אויפֿטוען פֿון דער
ציוויליזאַציע, וועלן שוין אינגאַנצן אַ, אָט דעם סאָרט
ליטעראַרישע פּראָדוקציע״, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער. „ספֿרים וואָס זענען מיט דעם
איבערזעצונג פֿון דעם דעסער טאָר מען אַפֿילו
אין שטוב נישט האַלטן, ומכּל־שכּן טאָר מען
ניט לערנען אין זיי; דאָס הרגעט אַוועק דאָס
גאַנצע ייִדישקייט״, ספֿר מקור הברכה II,
מונקאַטש תּרנ״ה. 3. רואינירן. אַ, די פּרנסה,
דעם סוחר.

אַוועקוואָגלען — אוטוו. ־גל אַוועק, ~
געוואָגלט. (איבער גזירה, נויט) זיך לאָזן פֿון
אַן אײַנגעוואָרצלטן אָרט ערגעץ אין אַן אַנדער
אָרט (וואָס על־פּי רובֿ קלײַבט מען אים אַליין
ניט אויס). אַ, אין ווײַטן גלות, אין מרחקים.
„שיידט זיך אָפּ צוליב דער תּורה פֿון ווײַב,
ער וואָגלט אַוועק אין דער פֿרעמד״, מאַרקוס,
טמז, 24 1953 I.

אַוועקוואָגלעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקוואָגלען. אַן אַ', אַן
אַרומשלעפּעניש איבער דער גאַנצער געגנט.

אַוועקוואָגלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
ווער עס וואָגלט אַוועק אין דער פֿרעמד.
אַוועקוואָיעווען — אוטוו. ־יעווע אַוועק,
~געוואָיעוועט. אַ לענגערע צײַט פּטרן אויף
גאָרנישט; זײַן ווילד. אַ, און ניט נעמען קיין
ספֿר אין האַנט.
אַוועקוואוינען — אוטוו. וואוין אַוועק,
~געוואוינט. וואוינען אַ לענגערע צײַט.
„רחל האָט ווײַטער אַוועקגעוואוינט אָ האַלבֿ
יאָר און חיים־בער איז ווײַטער
אַהיימגעקומען קרוע־בלוא“, פּרץ, 'נעילה'. „בײַ די
פּריצים
האָבן ייִדן געקאָנט אַ, צענער יאָרן אָן אַ
הוספֿה,„ א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע
.1898
אַוועקוואָיען — אוסוו. וואָיע אַוועק, ~
געוואָיעט. 1. אַ לענגערע צײַט וואָיען,

אַרויס
אַוועקוואַרפֿן

געבן יאָמערדיקע קולות (ווענן הינט, וועלף).
„דער קראַנקער הונט האָט אַוועקגעוואָיעט די
גאַנצע נאַכט“. 2. זיך לאָזן ערגעץ מיט

אַ געוואָי. „די אויטאָמאָבילן פֿון די
פֿײַערלעשער האָבן אַוועקגעוואָיעט ערגעץ ווײַטער„.
אַוועקדואָיעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקוואָיען.
אַוועקוואַכן — אוטוו. וואַך אַוועק, ~געוואַכט.
זײַן וואַך אַ לענגערע צײַט. אַ גאַנצע נאַכט
אַ, בײַם קראַ␣קנס בעט.
אַוועקוואַלגערן — טרוו. ־גער אַוועק, ~
געוואַלגערט. 1. אַוועקלייגן, אַוועקוואַרפֿן מיט
כוח. זיך ראַנגלען מיט עמעצן און אים אַ„.
2. צעפּטרן, פֿאַרטאַכלעוועז. אַ, געלט ווי אין
מיסט אַרײַן.
אַוועקוואַלגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אַוועקקײַקלען זיך פֿאַרוואַלגערט ווערן,
,
פֿאַרלוירן גיין. אַ טײַערע בראָשקע האָט זיך
אַוועקגעוואַלגערט. 2. לעבן אַ לענגערע צײַט
אָן אַ שטענדיקן אָרט, אין שלעכטע באַדינגונגען.
„זאָל דאָס קינד זיך אַ, עטלעכע יאָר אין דער
אומריינער, ענגער תּלמוד־תּורה“, ארז, קמ,
3 .31 1867, No. ליגן, רוען אַ לענגערע
צײַט (מיט ביטול). אַ, זיך אין בעט ביז מיטן
ט␣קוואַלי — טרוו ־ליע אַוועק, ~
געען .

ג.

אָוו

וואַליעט. סל. אַוועקוואַרפֿן, אַנידערוואַרפֿן.

אַוועקוואַנדלען — אוטוו. וואַנדל אַוועק, ~געוואַנדלט. אַוועקלאָזן זיך אָן אַ ציל, אַ, ווי אַ נאַכט־געשפּענסט.

אַוועקוואַנדערן — אוטוו. ־דער אַוועק, ~געוואַנדערט. 1. פֿאַרלאָזן וואוינאָרט, געוויינטלעך מיט דער דעה ניט אומצוקערן זיך. אַ, פֿון גלות קיין ארץ־ישׂראל. 2. זיך לאָזן אין וועג און וואַנדערן אַ לענגערע צײַט. אַ, אויפֿן זומער אין די בּערג.

אַוועקוואַקסן — אוטוו. וואַקס אַוועק, האָבּ & בּין ~געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. וואַקסן אַ לענגערע צײַט. 2. וואַקסן אין אַ זײַט. אַ צווײַג וואַקסט אַוועק פֿון שטאַם. „מײַן קינד וואַקסט אַוועק פֿון מיר און מײַן הויזגעזינד און ער ווערט...אַלץ מער דערווײַטערט פֿון אונדז“, ד. איידלסבּערג, טמז, 10 1□19 II.

אַוועקוואַרטן — אוטוו. וואַרט אָוועק, ~געוואַרט. וואַרטן אויף עמעצן אָדער עפּעס אַ לענגערע צײַט. אַ, אויף עמעצן, עס זאָל אַזש פֿאַרמיאוסט ווערן. „דער אָרעמער שמשׂ וואָט ער האָט אַוועקגעוואַרט אַ גאַנץ יאָר אויף

די בּיטערע קערה...", א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

אַוועקוואַרטעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקוואַרטן. אַ פּאַסיווע אַ, אויף אַ ישועה.

אַוועקוואָרטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק, ~געוואָרטשעט. אוקר. וואָרטשען, ריידן ניט קלאָר, אומצופֿרידן אַ לענגערע צײַט.

אַוועקוואַרפֿן — טרוו. וואַרף אַוועק, ~ געוואָרפֿן. 1. וואַרפֿן אין אַ זײַט אויף דער ערד אָדער ווײַט פֿון זיך. „אבֿר זונשט מאג ער זיא וואול...נעמן מיט זיינר האַנט און ווערפֿט זיא אַוועק אויף דיא ערד"„ לט1' 1/23.

-

אַוועקוואַרפֿן

2. אַרויסלאָזן פֿון האַנט; ניט האַלטן זיך מער מיט עפּעס אָדער עמעצן. „...טראָגט אין איין האַנט אַ כּלי מיט וואַסער און אין דער אַנדערער האַנט אַ כּלי מיט גוטן אייל, און ער דאַרף נייטיק אויסלײדיקן איין האַנט, זאָל ער אַ, די כּלי מיט וואַסער", לט2, 1/97.
אַ, בּרויט און זוכן בּרעקלעך = אויסבּײַטן

ממשותדיקס אויף עפּעס וואָס האָט אַ
קלענערן ווערט; אַ, פּרנסה און זיך יאָגן נאָך
אָפּדאַכטעניש. אַ, אַ גלעגנהייט = ניט
אויסניצן אַ מעגלעכקייט, אַ סיטואַציע.
3. ליקווידירן, שליסן, פֿאַרמאַכן. „על כּן
האָט נחום ווערויקס אַוועקגעוואָרפֿן אַלע
געשעפֿטן און איז אַוועקגעפֿאָרן אין אַ צווייט
שטעטל“, שע, פֿונעם יאַריד 4 .I. אויפֿהערן,
איבעררײַסן; מער זיך ניט פֿאַרנעמען מיט
עפּעס. אַ, (צו) זאָרגן. אַ, לערנען. „
דערפֿאַר וואָס איך האָב פֿאַרבויגן דאָס לערנען.
אַוועקוואַרפֿנדיק די גמרא“, ממוס, קליאַטשע.
5. איבערלאָזן אויף הפקר, אָן השגחה, אָן
שוץ. אַ, ווײַב און קינדער. „און די איבעריגע
יהודים הבן נעבך גמוזט אַוועק וואַרפֿין די
הייזר און אילץ גוטץ“, שי, ל/ב. „ווען
[דער מענטש] פֿאַלט, ווערט ער נאָך אַלץ ניט
אַוועקגעוואָרפֿן“, תּניא. „האָסטו געהערט דען
אַ ביסל? מע זאָל אַ אַ שטוב מיט דער
באַ,
לעבאַטישקייט און גאָרניט“, ממוס, פֿישקע.
„זאָלסט ניט אַ, אונדז, אָ גאָטעניו, אויף די
עלטערע יאָרן“, ממוס, שלמה. „אַ, זי —

לאָזט מיך דאָס האַרץ ניט, עפּעס האָב איך אויף איר שרעקלעך רחמנות", ממוס, קליאַטשע. 6 פֿאַרשטויסן, אַוועקשטויסו. „איז
.
גאָר איינער אויסגעוויילט געוואָרו צו די ירושה, און די איבעריקע קינדער זענען... אַוועקגעוואָרפֿן געוואָרן", א פֿאַוויר, גדולת
-
.
יוסף, יוזעפֿאָוו, תּקצ„ח.
7. מער ניט ריידן וועגן עפּעס. אַ, דעם בן־מלך און זיך נעמעו צו דער בת־מלכּה. „נאָר לאָמיר אַ, די זאָנטיקעס און זיך אומקערן צו אונדזערע ייִדן", שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע. 8. זיך אָפּגעוואוינען פֿון עפּעס. „אַז בנימין האָט פֿירגענומען די נסיעה אין די ווײַטע מקומות, איז בײַ אים געבליבן קודם־כּל זיך צו שטאַרקן, אַוועקצוואַרפֿן דעם פּחד„, ממוס, מסעות.
9. זיך אָפּזאָגן פֿון עפּעס. „אַמאָל האָט זיך אים געחלומט אַז זײַן תּיקון איז אַז ער זאָל אַ, די מלוכה„, נחב, 'מעשׂה מבן מלך ובן שפֿחה,. "האָב איך גערעכנט אַז באַלד וועסטו צוריק אַהיימקומען, וועסטו צו אַלדי שוואַרצע יאָר אַ אַלע דײַנע נאַרישע פּלאַנען",

ממוס, קליאַטשע. 1O. מער ניט זײַן ערגעץ,
אַוועק פֿון ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט. „איז
עצתי, איר זאָלט אַ'...דאָס טומלדיקע פּאַריז
און אַריבערפּעקלען זיך...קיין קאַסרילעווקע“,
שע, קליינע מענטשעלעך. 11. ווערן אויס
וואָס מען איז. „די פֿרוי וויל פֿרוי ניט זײַן,
דער מאַן וויל מאַן ניט זײַן, דאָס קינד אין
וויגל וויל קיין קינד אין וויג ניט זײַן, אַלץ
וויל אַלעמען און זיך אַ',,, צײַט, מטטרון. אַ,
דעם כניאָק = ווערן אויס כניאָק.

□

אַוועקוואַרסעניש — דאָס (ד□), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקוואַרפֿן.
אַוועקוואָרקען — ־קע אַוועק, ~

געוואָרקעט. אוטוו — אָנהייבן און אַ לענגערע
צײַט וואָרקען. אַ, גאַנצע שעהן. טרוו —
אויסדריקן עפּעס דורך קלאַנגען פֿון אַ טויבֿ
(אָדער ענלעכע צו אַ טויבֿ). אַ, אַ ליד.
אַוועקוואַשן — טרוו. וואַש אַוועק, ~
געוואַשן. 1. וואַשן אַ לענגערע צײַט. 2.
באַזײַטיקן, אָפּרייניקז דורך וואַשן. אַ אַ פֿלעק
,
פֿון אַ מלבוש. 3. אַוועקטראָגן מיטן שטראָם.
אַ, דאָס געהילץ פֿון ברעג. 4. באַזײַטיקן דורך
(מיט) אַ פֿליסיקייט. „דער ווײַן וואַשט אַוועק
די נעכטיקע חרטות און די מאָרגעדיקע שרעק„.
א. שולמאַן, פּאָר, 1961 II ◌י 3.
אַוועקוויאַנען — אוטוו. ־נע אַוועק, ~
געוו אַנעט. 1. זײַן אין אַ לענגערן פּראָצעס
׳
פֿון פֿאַרדאַרט פֿאַרגעלט ווערן. 2
פֿאַרוויאַ, .
נען, אינגאַנצן פֿאַרדאַרט און פֿאַרגעלט ווערן.
אַ, אין דער פֿריִער יוגנט.
אַוועקוויגן — טרוו. וויג אַוועק, ~געוויגט.
1. וויגן אַ לענגערע צײַט. 2. אײַנשלעפֿערן
וויגנדיק. 3. פֿאַרציִען, צעפּיעשטשען, נאָכגעבן.
„מ'טאָר זיי ניט אַזוי תּחנונימדיק אַ, און זיך

איַנבּעטן בּײַ די קומענדיקע דורות,,, יג, תּוך.
אַוועקוויַזן — טרוו. וויַז אַוועק, ~געוויזן.
ׄ
1. וויַזן אַ צאָל זאַכן, אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט. אַ, אַלע בּילדער פֿון דער קאָלעקציע. 2. וויַזן ווידער; אָפּגעבן, אומקערן. ,,וויַז מיר אַוועק דאָס געלט וואָס דו בּיסט שולדיק".
אַוועקוויַטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~ געוויַטערט. נעאָל. ניט לאָזן מער זיַן אויפֿן אָרט וואו מע געפֿינט זיך. ⃞וואַטעס דײַטש.
אַוועקוויַכן — אוטוו. וויַך אַוועק, ~ געוויַכט. אויסמיַדן; האַלטן זיך פֿון דער זיַט, פֿון דער וויַט. אַ, פֿון שלעכטע מענטשן.
אַוועקוויינען — אוטוו. וויין אַוועק, ~ געוויינט פֿאַרגיסן טרערן, קלאָגן זיך אַ לענ. —
גערע צײַט. אַ, איבּער אַן אומגליק.
אַוועקווייען — טרוו. וויי אַוועק, ~געווייט (~ווייעט, פּד). אַוועקטראָגן מיטן ווינט. ,,און ער וועט אַוועקגעיאָגט ווערן אַזוי ווי פּלעווע פֿון די בּערג וואָס ווערט אַוועקגעווייט פֿאַר דעם ווינט", ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג, 1877 (יז, 13). ,,געווען איז זי

געוויטער; האָט זי דער ווינט אַוועקגעווייט", צײַט,
געזאַמלטע לידער I.

אַוועקווילדעווען — אוטוו. ־עווע אַוועק,
~געווילדעוועט. 1. אַ לאַנגע צײַט זיך
אויפֿפֿירן ווילד. 2. זיך לאָזן פֿון איין אָרט
אין אַנדערן און טאָן דערבײַ ווילדע מעשׂים.
„די באַנדע האָט אַוועקגעווילדעוועט אין אַן
אַנדער שטעטל אַרײַן".

אַוועקווילִיען — אוטוו. ־ליע אַוועק, ~
געווילִיעט. סל. < אוקר. לאָקל, טשערנאָביל. אַ
לענגערע צײַט אויסמײַדן עפּעס אָדער עמעצן.
אַ, פֿון אַרבעט; אַ, פֿון עמעצן.

אַוועקווינטערן — אַקוזוו. ־טער אַוועק, ~
געווינטערט. זײַן אָדער וואוינען דעם (גאַנצן)

אַוועקווערגן

ווינטער (צופֿעליק, ניט־ווילִיק). אַ, דעם לאַנגן
צפֿון־ווינטער צווישן עסקימאָס.

אַוועקווינטש(עווע)ן — טרוו. ווינטש(עווע)
אַוועק, ~געוואונטשן, ~געווינטשעוועט.
1. ווינטשן אַ סך ברכות אָדער אַ סך מאָל.
אַ, ביז הונדערט און צוואַנציק; אַ אַ
צאתך,

לשלום. 2. מיטשיקן, איבערשיקן וואונטש(ן).
3. ווינטשעווען דעם וואָס ווינטשט. אַ, אַ
לשנה־טובֿה פֿאַר אַ לשנה־טובֿה.

אַוועקווינטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פֿראָצעס פֿון אַוועקווינטשן. אַן אַ, ווי ערבֿ
יום כּיפּור.

אַוועקווינקען — ווינק אָוועק, ~געוואונקען,
~געווינקט. אוטוו — 1. ווינקען אַ לענגערע
צײַט. 2. ווינקען אין אַ זײַט, עמעצער זאָל
ניט באַמערקן. טרוו — אַוועקרופֿן מיט
ווינקען. אַ, עמעצן אין אַ זײַט.

אַוועקוויצלען — טרוו. ־צל אָוועק, ~
געוויצלט. צו נישט מאַכן דורך וויצן, חכמהלעך.
אַ אַן ערנסטן ענין.

אַוועקוויצלען זיך — אוטוו. ־צל זיך
אַוועק, זיך ~געוויצלט. זיך וויצלען, שפּאַסן,
חוזקן אַ לענגערע צײַט.

אַוועקוויקלען — טרוו. ־קל אַוועק, ~
געוויקלט. 1. וויקלען אַ לענגערע צײַט.
2. אויסצײַען, אָפּוויקלעו עפּעס צוריק (וואָס
האָט זיך צונויפֿגעוויקלט). אַ, אַ ברעג פֿון אַ
טעפּעך. 3. בײַם וויקלען פֿאַררוקן אין אַ
זײַט. אַ, דעם טעפּעך פֿון מיטן צימער אין

ווינקל אַרײַן.

אַוועקווישן — טרוו. וויש אַוועק, ~געווישט. 1. אַוועקרייניקן, באַזײַטיקן דורך ווישן. אַ, שמוץ פֿון פֿענצטער. אַ, אַ טרער פֿון די אויגן. 2. מאַכן צו גאָרנישט, אַוועקשטויסן אין געדאַנק. אַ, פֿון זכּרון. 3. ווישן אַ לענגערע צײַט. אַ, איין גלעזעלע אַ גאַנצע האַלבע שעה.

אַוועקוועכנען — טרוו. ־נע אַוועק, ~ געוועכנעט. פֿטמ. דזוו אויסוועכנען ←.

אַוועקווענדן — טרוו. ווענד אַוועק, ~ געווענדט, ~געוואָנדן (פּד). אָפּקערן עפּעס אין אַ זײַט, אין אַן אַנדער ריכטונג. אַ, דעם בליק, די אויגן. אַ, עפּעס פֿון עמעצן. "יעדער[ער] האָט...אַוועקגעווענדט דאָס געזיכט פֿון אים", קמ, 37 1870, No. „...דא אַחשורוש געזען האָט אסתּר, דאָ ווענדט ער זײַן פּנים פֿון איר אַוועק, ער וואָלט זי גאָרניט אָנזען", ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהדן.

אַוועקווענדן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווענדן זיך צו אַ זײַטיקן, אַ ווײַטערן, העכערן. אַ, זיו מיט דער בקשה צום דירעקטאָר גופֿא.

אַוועקוועפּן (זיך) — אוטוו. וועפּ זיך אַוועק, (זיך) ~געוועפּט. פֿאַרלירן די שאַרפֿקייט פֿון

ריח, פֿרישקייט אע. פֿון אָפֿענעם פֿלאַקאָן וועפּט (זיך) אַוועק דער ריח פֿון פּאַרפֿום.
אַוועקוועגן — טרוו. ווערג אַוועק, ~געוואָרגן. דזוו דערווערגן, נאָר עמפֿאַטישער. מאַכן צו עמעצן אַ סוף. אַ, עמעצן און פּטור ווערן פֿון אַ מנוול.

אַוועקווערזען

אַוועקווערזען — טרוו. ווערזע אַוועק, ~געווערזעט. אוקר. אויסמייקענען נאָכן פֿרעסן אָדער זויפֿן. אַ, דאָס פֿאַראַיאָריקע.
אַוועקזאַבּאָרען — טרוו. ־רע אַוועק, ~זאַבּאָרעט. סל. אַוועקגנבֿענען. אַ, עפּעס פֿון אונטער אַ שלאָס.
אַוועקזאָגן — טרוו. זאָג אַוועק, ~געזאָגט.
1. זאָגן (ריידן, דערציילן, טענהן) אַ לענגערע צײַט. אַ, תּהילים אַ גאַנצע נאַכט. אַ, אַלץ וואָס איז אויפֿן האַרצן. 2. זאָגן גרינג, מיט לײַכטקייט, מיט וויסן. אַ, אַ מפֿטיר, אַ שיעור, אַ הדרן. 3. זאָגן גלאַט אַזוי, אומ באַטראַכט זאָגן גיך, ניט גוט. אַ אַ ליגן,

,

אַ נאַרישקייט. „ווער דאָ איז מקצר אין וואָרט און, זאגטש גישווינד אַוועק און, איז ניט דרינען מאריך בּנחת...“, נצ1, יא/ד. „איין יעדע בּרכה בּרויך מאַן נזהר צו זײַן צו זאָגן בּנחת מיט כּוונת הלבֿ לשם בּוראו, ניט זיך אײַלן און געשווינד אַ,“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864. 4. פֿטמ. אָנזאָגן אין צוואָה,

איבּערלאָזן. אַ, אויף עולמות.

אַוועקזאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקזאָגן. אַן אַ, בּמשך פֿון אַ גאַנצער שעה.

אַוועקזאָטן — טרוו. זאָט אַוועק, ~ געזאָטן. קאָכן אַ לענגערע צײַט, עס זאָל זיך איבּערגיסן איבּערן ראַנד; אויסדאַמפֿן. „לאָז אַ, אַ האַלבּן טאָפּ כּדי עס זאָל ווערן אַ געדיכטע קאַשע“.

אַוועקזאַמען זיך — אוטוו. זאַם זיך אַוועק, זיך ~געזאַמט. דזזו אַוועקזוימען זיך ←.

אַוועקזאָרגן זיך — אוטוו. זאָרג זיך אַוועק, זיך ~געזאָרגט. האָבּן דאגות, זיך ערגערן צוליבּ עפּעס אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך אַ לעבּן פֿאַר אַ קינד.

אַוועקזובּרעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק,

~געזובערוועט. אָנהייבן און אַ לענגערע
צײַט אײַנלערנען, אײַנחזרן. אַ, געשיכטע (די)
גאַנצע נעכט פֿאַרן עקזאַמען.
אַוועקזוויאַקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געזוויאַקעט. סל. וורר. טרייסלען עפּעס עס זאָל
קלינגען אַ לענגערע צײַט. אַ, מיט די קייטן.
אַוועקזויגן — טרוו. זויג אַוועק, ~געזויגן.
דורך זויגן אַרויסציִען דאָס איבעריקע,
אומנייטיקע. אַ, די מילך פֿון ברוסט.
אַוועקזוימען זיך — אוטוו. זוים זיך אַוועק,
זיך ~געזוימט פֿאַרהאַלטן זיך ערגעץ
לענ.
גער ווי מע האָט זיך געריכט. אַ, זיך אויף
אַן אַסיפֿה און פֿאַרגעסן דעם וועג אַהיים.
אַוועקזוכן — טרוו. זוך אַוועק, ~געזוכט.
זוכן אַ לענגערע צײַט. אַ, עפּעס פֿון הײַנט
ביז מאָרגן.
אַוועקזומערן — אַקוזוו. זומער אַוועק, ~
געזומערט פֿאַרברענגען אַ זומער (ניט ווי עס
.
באַדאַרף צו זײַן). אַ אַ גאַנצן זומער אין אַ
,
פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל.
אַוועקזונדערן — טרוו. ־דער אַוועק, ~

געזונדערט. אָפּט מיט זיך. 1. אָפּטיילן אין אַ זײַט; אויסטיילן. זיך אַ, און זיך אַרויסנעמען פֿון כּלל. 2. אויסקלײַבן און אָפּטיילן

אין אַ באַזונדערער גרופּע. אַ, די גרעסערע פּערל.

אַוועקזופּן — טרוו. זופּ אַוועק, ~געזופּט. אָפּזופּן (עס זאָל ניט איבעררינען). אַ, אַ ביסל ווײַן פֿון פֿולן בעכער.

אַוועקזידלען — טרוו. ־דל אַוועק, ~געזידלט. 1. זידלען אַ לענגערע צײַט. 2. צו נישט מאַכן, מבֿטל מאַכן דורך זידלערײַען.

אַוועקזידלען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. זידלען איינער דעם אַנדערן אַ לענגערע צײַט, מיט אַ סך זלזולים. „[די לומדים און רבנים] זידלען זיך אַוועק...גאַנצע צײַטן איבער אַן אות וואָס עס קען באַטײַטן“, עט, משלים.

אַוועקזײַאיק — אַדי. נעאָל, סטוטש. וואָס איז ניט אויף דעם אָרט, וואָס פֿעלט.

אַוועקזייאיקייט — די. מצ נב. נעאָל, סטוטש.

-

מצבֿ, אייגנשאַפֿט פֿון ניט זײַן אויפֿן אָרט.
אַוועקזייגן — דזוו אַוועקזויגן ←.
אַוועקזיין — אוטוו. איצ און אימפּ ניט
-
פֿאַראַן. ~געווע(ז)ן. 1 פֿאַרלאָזן די היים
— -
.
(און אַרומוואַנדערן אָדער זיך באַזעצן אויף אַ
צײַט אין אַן אַנדער אָרט). אַ, פֿון דער היים
אַ האַלבֿ יאָר. „...איז שוין איין גרוסה
מהומה אין ווין גיוועזן אונ, פֿיל גרוסי הערן
שון מכאן אַוועק גיוועזן וועגין מהומה פֿון
טירקן“, באַלעגערניש. 2. זײַן אין דער
זעלבֿיקער פּאָזיציע אַ לענגערע צײַט. „'המליץ,
איז אַוועקגעוועזן משוגעבֿרת [= משוגע +
מעובֿרת] זיבֿן יאָר דורכאַנאַנד„, מ. דלוגאַטש,
קמ, 52 1870, No. „די לערן־ייִנגלעך...זאָלן
נישט דאַרפֿן בײַ זיי אַ אַ צײַט מיט יאָרן“,
,

-

ממוס, קליינמענטשעלע. 3. ווערן שטאַרק
איבֿערראַשט פֿאַרלירן די שליטה איבֿער זיך,

זײַן נאָענט צו חלשות. פֿד. „ווי איך האָב אים נאָר אָנגעשלאָגן [דעם שידוך], איז ער גאָר אויסגעגאַנגען, גלייבט מיר, ער איז גאָר אַוועקגעוועזן“, עט, סערקעלע.

אַוועקזייען — טרוו. זײ אַוועק, ~געזײט, (~געזײעט, פֿד.). לאָזן אין אַ זײַט דאָס אומרייניע דורך (אויס)זײַען. אַ, בּרעקלעך, דעם שוים.

אַוועקזייערז — טרוו. ־ער אַוועק, ~געזײערט. זײערן צו לאַנג, איבּעריקע צײַט. אַ, אוגערקעס דעם גאַנצן ווינטער און זיי איבּערזײַערן.

אַוועקזייסן — טרוו. זייף אַוועק, ~געזייפֿט. בּאַזײַטיקן שמוץ מיט זייף, אַרויסנעמען אַ פֿלעק מיט זייף. אַ, בּרוד פֿלעקן.

אַוועקזינגען — טרוו. זינג אַוועק, ~ געזונגען. 1. זינגען אַ לענגערע צײַט (אָן אויפֿהער). אַ, אַ גאַנצע חופּה־נאַכט. 2. זינגען

גרינג, גוט. אַ, אַ שטיק חזנות. 3. אַראָפּגיין פֿון טאָן בײַם זינגען, אַריבערגיין אויף אַן אַנדער מעלאָדיע.

אַוועקזינגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקזינגען. אַן אַ אַז עס שנײַדט אין

,

די אויערן.

אַוועקזינקען — טרוו. זינק אַוועק, ~ געזונקען. אַרונטערלאָזן עפּעס אָדער עמעצן צום גרונט. אַ, דעם אַנקער, די שיפֿלעך.

אַוועקזעגענען זיך

אַוועקזיפּן — טרוו. זיפּ אַוועק, ~ געזיפּט. 1. זיפּן אַ לענגערע צײַט. 2. אויסטיילן באַזונדער דורך זיפּן. אַ, זעמלמעל; אַ, קלײַען.

אַוועקזיפֿצן — זיפֿץ אַוועק, ~געזיפֿצט. אוטוו — זיפֿצן אַ לענגערע צײַט, אָדער אין אַ זײַט (מע זאָל ניט הערן). אַ, גאַנצע נעכט. אַ, אין אַ ווינקעלע. טרוו — דורך זיפֿצן זיך באַפֿרײַען פֿון דריקעניש, שווערן געמיט. אַ, די צרות און אַרבעטן ווי קיינמאָל

-

נישט.

אַוועקזיסצעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקזיפֿצן.

אַוועקזיצן — אוטוו. זיץ אַוועק, בין ~ געזעסן [האָב אין לר פֿון גראָדנע, דווינסק, ביאַליסטאָק]. 1. זיצן אַ לענגערע צײַט; פֿאַרהאַלטן זיך אין אַן אָרט לענגער ווי געפּלאַנירט (געהאַט בדעה). „איז דער גיבור מיט דעם בעל־תּפֿילה אַוועקגעזעסן אַ צײַט אינאיינעם“, נחב, מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. „איך בין דאָרט אַוועקגעזעסן עטלעכע טעג און האָב מקרבֿ געווען...“, י. פּערלע, שריפֿטן. 2. זיצן אין אַ זײַט (מע זאָל ניט מערקן, זיך ניט וואַרפֿן אין די אויגן). „איז ער אַוועקגעזעסן בײַ זיך אין חדר אומגעגעסן“, ממוס, ווינטשפֿ. „חדשים־לאַנג איז מען

אַוועקגעזעסן ווי די גענדז אין אַ שטײַג
פֿאַרשפּאַרט“, ממוס, פּריזיוו. 3. זיצן אין תּפֿיסה.
אַ, אויף קאַזיאָנע בּרויט אַ האַלבּ יאָר.
4. זיך פֿאַרהאַלטן אויף (בײַ) עפּעס בײַם
לערנען, בײַם טאָן אַן אַרבּעט. „אָנגעהויבּן
חומש, ווי דער שטייגער איז פֿון ויקרא,

,

וואָס אַנדערע קינדער בּאַדאַרפֿן דערויף אַ,
אין חדר אַ צוויי־דרײַ יאָר“, ממוס, שלמה.
5. בּלײַבּן וואוינען. ווערן אַ תּושבֿ. „ער
האָט זיך מיישבֿ געווען, אַז ער זאָל דאָרט אַ',
ווײַל ער וועט לעבּן“, נחבּ, ,מעשׂה מבּערגיר
והעני'.
אַוועקזיצעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקזיצן. אַן אַ, בּיז די העגער קרייען.
אַוועקזמרן — [...זעמערן] טרוו. זמר אַוועק,
~ געזמרט. 1. זינגען אַ לאַנגע צײַט.
אַ אַ מזמור, אַ זמרל, די שלום־עליבמס.

,

2. זינגען גרינג, גוט. אַ, חזנישע שטיקלעך
אַז עס זאָל קנאַקן.
אַוועקזעגלען — אוטוו. זעגל אַוועק, ~
געזעגלט. אַוועקפֿאָרן אויף (מיט) אַ
זעגלשיף. “דערנאָך האָט ער אַוועקגעזעגלט צום

קייפ פֿון ווײַנטרויבן און האָט דאָרטן
געמאַכט אַ לאַנגן אַרומקרײַז,,, אַבֿא קרים, אַמעריקאַנער, 1958 ני 9.
אַוועקזעגן — טרוו. זעג אַוועק, ~ געזעגט.
דורך זעגן באַזײַטיקן עפּעס. אַ, אַ צווײַג;
אַ אַ שטיק פּיסל פֿון טיש.

אַוועקזעגענען זיך — אוטוו. זעגן זיך
אַוועק, זיך ~געזעגנט פּטמ. 1. סתּם
געע.
זעגענען זיך. אַ, זיך אויף לאַנגע וואָכן און
חדשים. 2. אָנווינטשעווען אַ סך גוטס בײַס
אַוועקפֿאָרן. 3. איבעררײַסן מיט עמעצן די
באַציאונגען. אַ, זיך (אויף שטענדיק) מיט
אַזאַ עאַלשן מענטשן.

אַוועקזען

אַדועקזען — טרוו. זע (זען) אַוועק, ~געזען.
בכּיוון ניט באַמערקן; קוקן אין אַ זײַט;
פֿאַרקוקן. אַ, עמעצנס חסרונות.
אַוועקזעצן — טרוו. זעץ אַוועק, ~ געזעצט.
1. העלפֿן, ווײַזן עמעצן וואו אָדער ווי זיך

צו זעצן. אַ, אויבנאָן, אין דער ערשטער ריי.
אַ אַ קינד, אַ קראַנקן. *(ניט) וויסן וואו
,
אַוועקצוזעצן = אויפֿנעמען מיט גרויס כּבֿוד.
,,ווייסט מען ניט וואו מע זאָל אײַך אַ',,, שע.
2. אַרײַנזאָגן, בײַקומען מיט אַרגומענטן אין
אַ וויכּוח. אַ, דעם אָפּאָנענט. 3. אײַנשפּאַרן
אין תּפֿיסה.
אַוועקזעצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
פֿאַרנעמען אַן אָרט און זעצן זיך אויף אים.
אַ, זיך אויפֿן פֿאָטערשטול. ,,פּלוצעם זאָל
זי זיך אַ, אין אַ ווינקעלע און וויינען
שטילערהייט“, שע, פֿון פּסח ביז פּסח.
◊ זעצט דער פֿאַרנאַכט זיך אַוועק אויף די
שוועלן פֿון טויט“, פּמ, 'נאַכטרויב'. 2.
פֿאַרנעמען אַ פּאָסטן, באַקומען אַ שטענדיקע
(קהלשע) שטעל. *אַ, זיך אויף רבנות =
אויך: זיצן און גאָרנישט טאָן. *אַ, זיו
אויפֿן בענקל = אויך: פֿאַרנעמען פֿירערישע
פּאָזיציע און ניט אָפּטרעטן פֿון איר. 3. זיך
אַריבערקלײַבן און בלײַבן וואוינען (לעבן).
,,טו אַ שפּײַ...און זעץ זיך אַוועק בײַ מיר.
וואָס גאָט וועט געבן, אַבי אינאיינעם“, שע,
קליינע מענטשעלעך. 4. בלײַבן וואוינען אַ

לענגערע צײַט. „וואָלט דען נישט געווען קיין יושר...אַז טבֿיה זאָל זיך אַוועקזעצן כאָטש אויף איין זומער אויף דאַטשע?“, שע, טבֿיה. 5. געפֿינען צײַט; זיך אַנטשיידן, אָפּמאַכן בײַ זיך. זיך אַ, אַרבעטן. „און וואַרטן...זי זאָל ענדלעך זיך אַוועקזעצן אָנשרײַבן מאָטלען דאָס לעצטע בריוול פֿאַר איר אַוועקפֿאָרן“, דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „ניט מיט קיין באַשולדיקונג זעץ איך זיך אַוועק קלערן וועגן אײַך“, שטריגלער. 6. ווערן אומאַקטיוו. גענוג געהאָרעוועט, צײַט זיו אַ,.

אַוועקזעצעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקזעצן (זיך).

אַוועקזרקען — [... זאַרקען] טרוו. זרקע אַוועק, ~געזרקעט. פּאָד, גאַליציע. אַוועקוואַרפֿן, איבערלאָזן אויף שטענדיק [אַמאָל איידעלער, אַמאָל גראָבער ווי אַוועקוואַרפֿן]. “אַניט, מיינסטו, וואָלט זי געווען געשוויגן וואָס איך האָב זי אַוועקגעזרקעט?“, העשעלעס.

אַוועקזשאַלעווען — טרוו. ־לעווע אַוועק, ~געזשאַלעוועט. פֿטמ. צונעמען עפּעס, ווײַל ס'איז אַ שאָד. קיינער זשאַלעוועט ניט אַוועק פֿון אַן אייגן קינד.

אַוועקזשוזשען — אוטוו. ־זשע אַוועק,

~געזשוזשעט. 1. אָנהייבן און אַ
לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען זש־זש. אַ,
און ניט אויפֿהערן צו זשוזשען. 2. זיך
אַוועקלאָזן ערגעץ מיט אַ זשוזשען. די פֿליגן
□

האָבן ערגעץ אַוועקגעזשוזשעט.

אַוועקזשוליקן — טרוו. ־□.ק אַוועק, ~
געזשוליקט. אַוועקנעמען עפּעס מיט
זשוליקערײַ, פֿאַלשקייט.

אַוועקזשורטשען — □וטוו. ־טשע אַוועק,
~ געזשורטשעט. ס□. אַוועקפֿליסן מיט אַ
שטיל פּליעסקען. ״דאָס וואַסערל זשורטשעט
אַוועק אין געדיכטעניש פֿון וואַלד״.

אַוועקז(ש)ליאָקען — טרון. ־קע אַוועק,
~געז(ש)ליאָקעט. אַוועקטרינקען; זויפֿן, זופּו
זייער אַ סך. אַ, אַן עמער ביר.

אַוועקזשעברעווען — ־רעווע אַוועק, ~
געזשעברעוועט. אוקר. אוטוו — אַ לענגערע
צײַט בעטלען. אַ, די זומערס אויף יאַרידן.

טרוו — אָוועקנעמען, אַוועקכאַפּן מיט אַ להוטקייט, געריקייט. אַ, אַלץ וואָס מע זעט נאָר פֿאַר די אויגן.

אַוועקהבֿרן זיך — [... כאַ'ווערן] אוטוו, קזוו. חבֿר זיך אַוועק, זיך ~געחבֿרט. זײַן מיט עמעצן חבֿר אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך (אויף) יאָרן און דערנאָך פּלוצעם זיך צעקריגן.

אַוועקהגא(נע)ן — [...כאָ'גע(נע)ן] טרוו. חגא אַוועק, ~געחגאט. פֿראַווען אַ לענגערע צײַט יום־טובֿ (ניט־ייִדישן, כלומרשטן). אַ, אויפֿן אַלטן שטייגער, שיכּורן און הוליען דרײַ טעג בסדר.

אַוועקהוזקן — [... כוי'זעקן] אוטוו. חוזק אַוועק, ~געחוזקט. אַ לענגערע צײַט חוזקן, אויף אַ בייזן אופֿן אויסלאַכן. אַ, פֿון אַ תּמימותדיקן מענטש.

אַוועקהושכן — [... כוי'שעכן] אַקוזוו. חושך אַוועק, ~געחושכט. אָפּפֿינצטערן; אַ לענגערע צײַט לעבן אין שווערע באַדינגונגען. „חתונה געהאַט פֿאַר אים און אַוועקגעחושכט בײַזן גרובֿ“.

אַוועקהזרן — [... כאַ'זערן] טרוו. חזר אַוועק,

~געחזרט. אין לשון פֿון יוגנטלעכע.
איַינלערנען, איבעַרזאָגן דאָס זעלביקע אַ לענגערע
צײַט כּסדר. „אײַנחזרן און איבערחזרן אפֿשר
הונדערט מאָל — אַ, אַ גאַנצע נאַכט“.
אַוועקהידושן זיך — [... כידעשן] אוטוו.
חידוש זיך אַוועק, זיך ~געחידושט.
וואונדערן זיך אַ לענגערע צײַט; ניט קענען זיך
אָפּחידושן פֿון עפּעס; זײַן נאָכאַנאַנד אין
מצבֿ פֿון התפּעלות. „אַ מתנגד קען זיך אויך
חידושן — אַ שעה, אַ מוסרניק איז
פֿאַרחידושט אַ יאָר, אַ חסיד חידושט זיו —
חידושט ער זיך אַוועק דאָס גאַנצע לעבן“,
רייד.
אַוועקהכמה(נע)ן — [...כאָכמע(נע)ן] טרוו.
חכמה אַוועק, ~געחכמהט. צו נישט מאַכן,
מבֿטל מאַכן דורך חכמהלעך, ווערטלעך. אָפּט
איר. „מע קען אַ, אַ מכּה בײַ יענעם, אָבער
ניט בײַ זיך“, שוו.
אַוועקהכמה(נע)ן, ~ הכמען זיך —
אוטוו. ← דפּוו. אַ לענגערע צײַט ווערטלען זיך,
זאָגן חכמהלעך. *אַ, זיך אויפֿן חשבון פֿון
שטאָטנאַר = זאָגן חכמהלעך מיט ווינציק
הומאָר.
אַוועקהלומען — [... כאָ'לעמען] חלום אַוועק,

~געחלומט. אוטוו — לעבן אַ לענגערע
צײַט אין וועלט פֿון חלומות, פֿאַנטאַזיעס,
אָפּדאַכטעניש (ניט אין דער רעאַלער וועלט).
אַ, אין אַ וועלט פֿון בבֿא־מעשׂיות, פֿון

ריאַוועקטאַדלען

טערס און הויפֿדאַמען. טרוו — דורך חלומות
(פֿאַנטאַזיעס, טרוימערײַען) אָפּשאַפֿן דאָס
רעאַלע. אַ, דאָס בײיז פֿון דער וועלט. „...אין
אַ דראַמע, אויף דער בינע, איז דאָס אַלץ
דאָ.. מע קען עס בשום־אופֿן ניט אַ',
אַוועקפֿאַנטאַזירן", שנ, ה. לייוויק.
אַוועקהלומען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
עס חלומט זיך אַוועק, זיך ~געחלומט.
1. זיך באַווײַזן אין געדויערדיקן (אָדער
אויסטערלישן) חלום. 2. זיך לאָזן ערגעץ
ווי דורך (מיט) אַ חלום. נעאָל. „בײַם ים
בין איך געזעסן, געקוקט ווי גרויע שיפֿן
חלומען זיך אַוועק אין די ווײַטקייטן אַרײַן",
נאַד.
אַוועקהלשן — [... כאַ'לעשן] אוטוו. חלש
אַוועק, ~געחלשט. 1. אַוועקפֿאַלן אין חלשות.
„אַז מע האָט גענומען מאַכן די מלא, האָט

זי אַוועקגעחלשט". „די שדכנים האָבן שיִער ניט אַוועקגעחלשט, ווען זיי האָבן דערזען אַזוי פּיל זהבֿ טהור", ייִס, סמז, 9 l953 III.
2. חלשן אַ לענגערע צײַט. אַ, מע זאָל קוים דערמינטערן.

אַוועקהנפֿע(נע)ן — [... כאַ'נפֿע(נע)ן] אוטוו. חנפֿע אַוועק, ~געחנפֿעט. [פֿערזאָן אין דאַטיוו]. אַ לענגערע צײַט חנפֿענען. אַ, עמעצן בײַ יעדער געלעגנהייט.

אַוועקהקיר◌(נע)ן —, [... כקי'רע(נע)ן] טרוו. חקירה אַוועק, ~געחקירהט. מיט חקירות פּרוּוון אָפּשאַפֿן, (אַרויסשטעלן ווי עס וואָלט ניט געווען). אַ, די גאַנצע פּראָבלעם. אַ, דעם גלות. „פֿאַקטן רעדן זייער אייגענע שפּראַך, וואָס קיינע פּשטלעך אָדער חקירות קאָנען ניט אַוועקפּשטלען אָדער אַ'", ש. מאַרגאָשעס, טמז, 6 1954 I◌I.

אַוועקהקירה(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָנהייבן און אַ לענגערע צײַט זיך חקירהן. בײַ יעדער פּסוק חקירהט מען זיך אַוועק. אַ, זיך וועגן אַ קוצו של יוד.

אַוועקהקרנען זיך — [... כאַ'קרענען] אוטוו. חקרן זיך אַוועק, זיך ~געחקרנט. אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט חקרנען זיך,

פֿילאָסאָפֿירן, אַנאַליזירן בפּרטיות. אַ, זיך וועגן אַ טיפֿן ענין.

אַוועקהשבּונען ▯— [... כע'זשבּענען] אוטוו. חשבּון אַוועק, ~געחשבּונט. 1. חשבּונען אַ לענגערע צײַט, מאַכן אַ לאַנגן חשבּון. אַ, אַ צעטל אַז ס'זאָל אָנהייבּן שווינדלען פֿאַר די אויגן. 2. אַראָפּנעמען פֿון (ניט אַרײַנרעכענען אין) חשבּון. אַ, אַ געוויסן פּראָצענט.

אַוועקט — זאַצוואָרט. דזוו אַוועקעט ←, אַוועק ←. פֿטמ. געניצט ווי אַ באַפֿעל פֿאַר דער צווייטער פּערזאָן. „אַוועקט, אַוועקט אַלע: שׂרהלע וועט זײַן אַ כּלה„ פֿל. „אַוועקט, ,

אַוועקט פֿון מיר! ריר מיך נישט אָן“, שע, 'מענטשן'. „אַוועקט פֿון דער טיר, טוט ניט קיין גוואַלדזאַך„, אבּג, דעקטוך.

אַוועקטאַדלען — טרוו. ־דל אַוועק, ~ געטאַדלט. אַ לענגערע צײַט אויפֿוואַרפֿן עמעצן, אָנווײַזן שאַרף אויף חסרונות. אַ, עמעצן, אַז ער זאָל פֿאַרזאָגן אַ צענטן.

אַוועקטאָטשען

אַוועקטאָטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~

געטאָטשעט. סל. 1. אַראָפּשלײַפֿן, אַראָפּפֿײַלן
אַ טייל פֿון אַ זאַך אָדער די זאַך בײַזן סוף.
אַ אַ שפּיצל פֿון אַ צאָן. 2. אַוועקעסן,
,
אַוועקגריזשען; אַוועקיאַדען. אַ, די גאַל פֿון
עמעצן.
אַוועקטאַיען — טרוו. טאַיע אַוועק, ~
געטאַיעט. סל פֿאַרבאַהאַלטן. אַ, עפּעס פֿון אַ
.
פֿרעמד אויג.
אַוועקטאָ'למעטשן
למאַ'טש,
.
טרוו. ־עטש אַווע
~געטאָלמעטשט. אויך: ~טאָ
אַ לענגערע צײַט אויסטײַטשן, דערקלערן עפּעס
בפֿרטיות, בײַזן סוף. אַ אַ זאַך, אַז אַ קינד
,
אין וויג זאָל קענען פֿאַרשטיין. (זן אויך דזוו
אַווע אַ פּעטש ען, ~טעלעבענדען

אַווע ט ←).
אַ עבענ

טרוו. ־ענדע אַוועק, ~געטאַ(טע)לעבֿענדעט.
בּמקום־וואָרט פֿאַר אַ ריי ווערבֿן וואָס ווײַזן
אויף דער בּאַוועגונג פֿון איין אָרט אין אַ

צווייטן, פֿון איין פּערזאָן צו אַן אַנדערער;
אַוועקגנבֿענען, אַוועקשטויסן, אַוועקוואַרפֿן אאַזוו.
אַ, בּײַ עמעצן אַ זאַך.
אַוועקטאַלעפּעטשען — טרוו. ־עטשע אַוועק,
~(גע)טאַלעפּעטשעט. אַ לענגערע צײַט ריידן
אומקלאָר אָדער אומלאָגיש. אַ, אַ מעשׂה
מיט אַ בּוידעם.
אַוועקטאָלקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק,
~געטאָלקעוועט. סל. אַ לענגערע צײַט און
בּיזן סוף געבֿן עמעצן עפּעס צו פֿאַרשטיין.
אַ, די זאַך אַז מע זאָל עס געדענקען אין
שלאָף.
אַוועקטאָן — טרוו. טו אַוועק, ~געטאָן.
[אין פּד: ~געטיִען, אוקר: ~געטוען .
געטיִען] אויך מיט ז י ך. 1. טאָן עפּעס אַ
לענגערע צײַט. אָפּגעבֿן אויף עפּעס אַ סך מי.
אַ, אויף אַן אַרבּעט די טעג מיט די יאָרן.
2. אַוועקנעמען פֿון אָרט, ניט לאָזן מער זײַן.
מלל פֿאַרטײַטשט ,הג רשע לפֿני מלך, (משלי,

כה 5): „טוט אַוועק“... [תּי: נעם אַוועק].
„ווען דוא דש בּרוט אַוועק טושט זוא לאָז
עטליכי טראפּפֿין שטארקין עסיק הניין„,סור,
כ/ב. 3. פּד. אַוועקלייגן אין אַ זײַט, בּאַהאַלטן.
„מײַן מאַמעשי האָט אַלץ אַוועקגעטאָן“, „וואו
האָבּ איך דעם גאָפּל אַוועקגעטאָן?“, רייד.
4. אָפּטאָן זיך (אין פֿאַרבּינדונג מיט שכינה).
די שכינה, דער רוח־הקודש איז אַוועקגעטאָן
געוואָרן [געוויינטלעך: האָט זיך אָפּגעטאָן].
5. בּמקום־ווערבּ פֿאַר טואונגען וואָס מע פֿירט
דורך גיך, גרינטלעך, אין אַ גרויסער מאָס.
„איך האָבּ געזען וואָס דו קאָנסט קיין
עינהרע אַ, בּײַ דער שיסל“, ייִט, טמז, 28 1960 I.
אַוועקטאַנדעטעווען — טרוו. ־טעווע אַוועק,
~געטאַנדעטעוועט. פֿאַרענדיקן אַן אַרבּעט ניט
פֿאַכמענעריש, ווי ניט איז. אַ אַ שטיקל
,

אַרבּעט.
אַוועקטאָן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
טוט זיך אַוועק, זיך ~געטאָן. ← אַוועקטאָן.
געשען (וועגן אויסטערלישס); האָבּן צו טאָן
מיט אַ צאָל (וויכטיקע) ענינים. „אין נגלה
און נסתּר טוט זיו אַוועק מיט דעם ענין

בטחון", ייִט, ט״וז, 8 1953 XII.

8״

אַוועקטאַנצן — טאַנץ אַוועק, ~געטאַנצט.
אוטוו — 1. בײַטן אָדער פֿאַרלאָזן דאָס אָרט טאַנצנדיק. אַ, פֿון איין עק זאַל אין אַן אַנדערן. 2. ווערן אויפֿגעלעבט, פֿריילעך. זיך משׂמח זײַן. אַ, פֿאַר נחת. אַקוזוו — אָנהייבן און טאַנצן אַ לענגערע צײַט. אַ, טענץ, אַ פֿאָלקע, אַ קאַדריל אע. „מיט תּורת הבעש"ט וועלן מיר קומען אין ארצנו הקדושה און אַ, בשׂמחה גדולה", לדב.
אַוועקטאַסקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געטאַסקעט. סל. אַוועקשלעפּן. אַ, עמעצן פֿון געשלעג. „די מלאכי־חבלה וועלן מיך אַ,

-

אונטערן אָרון חושך [= הרי חושך]", ייִל, קמ, 26 1867 'No.
אַוועקטאָפּטשען — ־טשע אַוועק, ~ געטאָפּטשעט. אוטוו — זיך לאָזן ערגעץ גיין קנעטנדיק מיט די פֿיס. אַ, דורך אַ בלאָטע.

טרוו — צעטרעטן מיט די פֿיס. אַ, אַ ליגנדיקן.
אַוועקטאָפּטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זייער פּאַוואָליע זיך רירן פֿון אָרט. „אַ,
זיו קוים מיט צרות, טיאָפּ־טיאָפּ, טיאָפּ־טיאָפּ!“.
2. טאָן אַן אַרבעט זייער פּאַמעלעך. 3.
טאָפּטשען זיך אויף דעם זעלביקן אָרט אַ לענגערע
צײַט.
אַוועקטאָפּטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטאָפּטשען
(זיך). „מע רירט זיך ניט פֿון אָרט, ס איז
נאָר אַן אַ, אָן אַ זינען“.
אַוועקטאָפּ(י)ען — טרוו. טאָפּ(י)ע אַוועק,
~געטאָפּ(י)עט. סל. אויו מיט ז י ו.
1. אַוועקשמעלצן. אַ, דעם וואַקס ביזן לעצטן
טראָפּן. 2. דערטרינקען. אַראָפּלאָזן צום
גרונט. אַ אַ שיפֿל אין וואַסער.

,

אַוועקטאַפּן — טרוו. טאַפּ אַוועק, ~געטאַפּט.
איבערטאַפּן, באַרירן אַ לענגערע צײַט. אַ,
אַלץ וואָס ליגט אין יעדער ווינקעלע. אויך מיט
ז י ך — קזוו. זיך אַ, אין דער פֿינצטער.
אַוועקטאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקטאַפּן (זיך).
אַוועקטאָקן — טרוו. טאָק אַוועק, ~געטאָקט.

1. טאָקן אַ לענגערע צײַט. 2. אַוועקשניצן
אויף אַ טאָקער־וואַרשטאַט אַ טייל אָדער אַלץ.
אַ אַ טייל פֿון אַ מעבֿלשטיק. 3. זאָגן אַ

,

גלאַטן, גוט צוגעקלערטן ליגן. אַ, אַ ליגן
הגדול והנורא.
אַוועקטאַראַ(ראַ)כקען — ־קע אַוועק, ~
געטאַראַ(ראַ)כקעט. אויך מיט ז י ך. אוטוו —
1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
טומלען, קלאַפּן. אַ, פֿון אינדערפֿרי ביז
אויפֿדערנאַכט. 2. זיך לאָזן ערגעץ מיט טומל,
קלאַפּערײַ. אַ, ערגעץ מיט פֿערד און וואָגן.
טרוו — מיט געקלאַפּערײַ אָפּשטויסן פֿון אָרט.
אַ אַ זאַך פֿון איר אָרט.

,

אַוועקטאַראַראַמע(ווע)ן אַמ(עווע)

—

אַוועק, ~געטאַראַראַמ(עווע)ט. אויך: ~
טאַרעראַמע(ווע)ן. אוטוו — 1. דזוו
אָוועקטאַראַ(ראַ)כקען, אוטוו ←. 2. אָנהייבן אָדער
(און) אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ טומל, אַ
האַרמידער, אַ סומאַטאָכע. אַ, פֿאַר אַן עולם. אַ, מיט
דונערדיקע גראַמען. טרוו — טומלדיק
פֿאַרשפּרייטן ידיעות, רכילות. אַ, אַ פּליאָטקע.

אַוועקטונקען

אַוועקטאָרגעוווען — ־געווע אַוועק, ~
געטאָרגעוועט. סל. אוטוו — האַנדלען אַ
לענגערע צײַט. אַ, אויפֿן מאַרק אַ גאַנץ לעבן.
טרוו פֿאַרקויפֿן עפּעס ענדגילטיק. אַ, עמעצן
— —
אַ סחורה.
אַוועקטאָרגעוווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט זיך
דינגען. אַ, זי□ען
— טאָרקל אַוועק, ~
געאַ האַלבן טאָג פֿאַר אַ גראָשן.
אַוועקטאָר
ק
טאָרקלט. אויך: ~טערקלען. אוטוו —
אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן
קלאַנגען פֿון (ווי) אַ טויב. טרוו — אַ
לענגערע צײַט אַרויסברענגען עפּעס מיט
קלאַנגען (ווי) פֿון אַ טויב. אַ, אַ לידל.
אַוועקטאָרקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געטאָרקעט. 1. אָפּשטופּן פֿון אָרט. אַ, דעם
וואָגן פֿון מיטן הויף. 2. פֿאַרשטויסן, ניט

װעלן האָבן מער צו טאָן. אַ, פֿון זיך אַ פֿאַלשן פֿרײַנד י

.

אַװעקטאָרקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַװעקטאָרקען י

.

אַװעקטובֿלען — דזװ אױססובֿלען ←.
אַװעקטױטשען — טרװ. ־טשע אַװעק, ~ געטױטשעט. סל. אַװעקדריקן, אַװעקשטױסן.
אַװעקטױטשען זיך — אוטװ. ← דפֿװ. זיך שטױסן אױף אײן אָרט, זיך פֿאַרהאַלטן און װײַטער זיך ניט באַװעגן. אַ, זיך אױף אײן אָרט.
אַװעקטױפֿן — טרװ. טױף אַװעק, ~ געטױפֿט. 1. אָפּשמדן, אױסשמדן ← (עפּעס אײדעלער און אָפֿיציעלער). 2. אַריבערברענגען אַ ניט־ייִד אין אַ קריסטלעכער רעליגיע. אַ, די געצנדינערס. אױך מיט ז י ך — אָננעמען קריסטלעכן גלױבן. אַ, זיך אין ברית של איװאַן.
אַװעקטוליען — טרװ. ־ליע אַװעק, ~ געטוליעט. 1. אַ לענגערע צײַט טוליען, צודריקן צערטלעך. אַ, די מיזינקע. 2. אוקר.
אַװעקנעמען, אַװעקרײַסן, ניט לאָזן צודריקן זיך צו

עפּעס אָדער עמעצן. אַ, אַ קינד פֿון דער
מוטערס שויס. אויך מיט ז י ך   פֿאַררוקן

זיך (אין אַ ווינקל) און צונויפֿדריקן זיך. אַ,
זיך ווי אַ קעצעלע.

אַוועקטוליעניש דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקטוליען (זיך).

אַוועקטומלען — ־מל אַוועק, ~געטומלט.
וטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט טומלען, ליאַרעמען. אַ, און זיך אויף
קיין רגע ניט אײַנשטילן. טרוו — באַזײַטיקן
עפּעס דורך טומלען. אַ, דעם צער.

אַוועקטומלען זיך —, אוטוו. ← דפֿוו.
1. אַוועקפּטרן די צײַט אויף גאָרניט מיט
כלומרשט עפּעס טאָן. 2. אַ לענגערע צײַט
עפּעס טאָן מיט אַ טומל, גערײידערײַ. אַ, זיך בײַ
געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אַוועקטומלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקטומלען (זיך).

אַוועקטון — ← אַוועקטאָן.
אַוועקטונקען — טרוו. טונק אַוועק, ~
געטונקט (אויך: ~געטונקען). 1. אָנהייבן
אָדער (און) אַ לענגערע צײַט טונקען. אַ, דאָס

אַוועקטופּען

וועש אויף אַ גאַנצער נאַכט. 2. דזוו
אויססונקען ←.
אַוועקטופּען —. ־פּע אַוועק, ~געטופּעט.
אוטוו — (אַוועק) .ין קלאַפּנדיק מיט די שיך
(פּיס). אַ, אין הילצערנע שיך. טרוו —
אַוועקשטויסן ←.
אַדועקטופּעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטופּען.
אַוועקטוקן —. טרוו. טוק אַוועק, ~געטוקס.
אַראָפּלאָזן אין וואַסער, אונטערשטעלן אונטער
אַ שטראָם. אַ, די פּסחדיקע כלים.
אַוועקטוקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געטוקעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
קלאָפּן טוק־טוק. דער פּיקהאָלץ טוקעט אַוועק
שעהן־לאַנג.
אַוועקטושן טרוו. טוש אַוועק, ~געטושט.

באזײַטיקן פֿאַרשטעלן עפּעס דורך טושן. — , אַ אַ טייל פֿון דער צייכענונג.

,
אַוועקטושען — טרוו. ־שע אַוועק, ~ געטושעט. רוסיצ. אַוועקלעשן; פֿאַרלעשן ביזן סוף. אַ, אַ פּאָזשאַר [= שׂריפֿה].

אַוועקט אָכקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~ געי טיאָכקעט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שטיל קלאַפּן, מאַכן טיאָך־טיאָך. „נאָכן מאַסאַזשירן האָט דאָס האַרץ אַוועקגעטיאָכקעט". „דער זייגער טיאָכקעט אַוועק אַ גאַנצע נאַכט".

אַוועקטיוקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געטיוקעט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ טומל מיט קלאַנגען, ענלעכע צו טיו־טיו. 2 פֿאַרטרײַבן מיט טיוקען. . אַ, די פֿייגעלעך. „דער עולם טיוקעט אַוועק דעם רעדנער, מע לאָזט אים ניט ענדיקן".

אַוועקטיטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~ געטיטשעט. וורר, אוקר. אַוועקשטויסן, אַוועקשטופּן פֿון אָרט. אַ, עמעצן אַז ער זאָל פֿאַרפֿליִען קיין האָצעפּל אָץ.

אַוועקטייטן — טרוו. טייט אַוועק, ~געטייט.
1. אומברענגען, אַוועקהרגענען. אַ, אַ
לעבעדיקע זאַך, דערהרגענען בידים. 2. מאַכן
פּאַסיוו, אומאינטערעסאַנט. אַ אַן
אונטערנע,

מונג, אַן אָוונט.
אַוועקטייטשן — טרוו. טײַטש אַוועק,
-
~געטײַטשט. 1. בטל (צו נישט) מאַכן עפּעס
דורך אויסטײַטשן. אַ, אַן ענין, פּראָבלעם.
„דאָס לאָזט זיך נישט אַ, אַזוי לײַכט“, צײַט,
טמז, 2 .18 ▯ 1953 I. אויסטײַטשן ←.
אַוועקטיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקטיילן. גערעכטע (
אומגערעכטע אע) אַ'.
אַוועקטיילן — טרוו. טייל אַוועק, ~געטיילט.
1. אָפּטיילן, אָפּזונדערן פֿון אַ גרופּע. אַ, די
גוטע פֿון די שלעכטע. 2. צעטיילן אויף
גאַנצע חלקים. מע קען ניט 25 אַ, אויף 7.
3. שענקען, געבן ווי אַ מתּנה אע. אַ, צווישן
אָרעמעלײַט. אויך מיט ז י ך — 1. זיך
אָפּטיילן; זיך שטעלן (האַלטן) באַזונדער. אַ, זיך
פֿון קאָלעקטיוו. 2. צעטיילן פֿונאַנדערטיילן.

אַ, זיך מיטן לעצטן בּיסן.
אַוועקטײלעניש — דאָס (די), ־ן.
גערויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקטײלן.

86

אַוועקטײלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס טײלט אַוועק. „פֿאַרדינער מײַנער,
וואָס בּיסטו געוואָרן אַזאַ אַ'?„, רייד. אַדי:
־יש.
אַוועקטײען — אוטוו. טײַע אַוועק, ~

געטײַעט. סל. 1. צע.ין פֿון היץ, פֿאַרוואַנדלט
ווערן אין פֿליסיקייט. „דער שניי טײַעט
אַוועק אויף דער זון". 2. צעפּטרט ווערן;
ניט ווערן. געלט האָט אַוועקגעטײַעט.
אַוועקטינט — טרוו. ־טל אַוועק, ~
געטינטלט. אָנשמירן, אָנשרײַבן עפּעס אָן
טאַלאַנט (אָן ווערדע, גראָב, חניפֿהדיק). אַ אַן
אַרטיקל, אַ פּאַנעגיריק דעם הערשער.
אַוועקטיצ()ען — טרוו. טיצ(י)ע אַוועק,
~געטיצ(י)עט. וורר. סל. אַוועקשטופּן,

אַוועקרוקן עפּעס.
אַוועקטלימען — טרוו. ־מע אַוועק, ~
געטלימעט. אַוועקשלײדערן עפּעס אָדער עמעצן
פֿון אָרט, אַוועקשטויסן מיט אויפֿרעגונג.
„איך גיב פֿון זיך אַ טלים אַוועק דאָס גאַנצע
פּעקל קאַנצעלײ־פּאַפּירן און איך לויף אַהיים“,
נאַד, טעג פֿון מײַנע טעג.
אַוועקטל▯ען — אוטוו. טליִע אַוועק, ~
געטליִעט. 1. אָנהייבן (אָדער אַ לענגערע צײַט)
קוים צו ברענען. „פֿון אונטערן אַש האָט
אַוועקגעטליִעט אַ קליין פֿײַערל“. 2.
אויפֿהערן צו טליִען. דער לעצטער פֿונק האָט
אַוועקגעטליִעט.
אַוועקטעאָריזירן — טרוו. ־יר אַוועק, ~
טעאָריזירט. נעאָל. אַבסטראַהירן; אָפּשאַפֿן (
דערוויטערן) עפּעס טעאָרעטיש. אַ, אומבאַקוועמע
פֿאַקטן. „רוסן זײַנען פֿאַנאַטישע
טעאָרעטיקער און קענען זיך אַ, פֿון לעבן“, מ. דוכאָווני,
טמז, 10 1959 XI. מיט ז י ך — פֿאַרנעמען
זיך אַ לענגערע צײַט מיט אַבסטראַקטע
טעאָריעס.
אַוועקטעטיקן זיך — אוטוו. ־טיק זיו
אַוועק, זיך ~געטעטיקט. נעאָל. אָנהייבן
(אָדער אַ לענגערע צײַט) זײַן טעטיק. אַ,

זיך בײַ קהלשע זאַכן און פֿאַרגעסן די היים.
אַוועקטעלעבענדען — דזוו
אַוועקטאַלעבענדען ←.
אַוועקטעמפּן — טרוו. טעמפּ אַוועק, ~
געטעמפּט. ביסלעכווײַז מאַכן טעמפּ,
שטומפּיק. אַ, דעם קאָפּ פֿון צרות און שווערער
האָרעוואַניע.
אַוועקטענדלען — טענדל אַוועק, ~
געטענדלט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט האַנדלען מיט אַלטוואַרג. טרוו —
פֿאַרקויפֿן ביזן סוף (וואָלוול, אויף גיך). אַ,
דעם ראַמש.
אַוועקטענהן — [...טײַנען] טרוו. טענה
אַוועק, ~געטענהט. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט צו טענהן, דערווײַזן,
פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאָדערן. „דערנאָך האָט
אַוועק,
געטענהט זײַנע טענות דער צד שכּנגד“, רייד.
„זיי האָבן אַוועקגעטענהט מיטן רבונו־
שלעולם אַלץ: טאַטעניו! פֿאָטערוניו!...מער פֿון
אַלע אַנדערע“, ממוס, מסעות.
אַוועקטענהניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקטענהן. אַן אַ, — הימל עפֿן זיך.

אַוועקטראָגן

אַוועקטענצלען — אוטוו. ־צל אַוועק, ~
געטענצלט. זיך לאָזן ערגעץ מיט טאַנצנדיקן
גאַנג. „...אַ באָרוועסע ניאַנקע האָט אַהין
אַוועקגעטענצלט מיט היפּנדיקע טריט“, בערג,
אָפּגאַנג.
אַוועקטעסען — טרוו. ־סע אַוועק, ~
געטעסעט. אַוועקהאַקן אייבערשטע שיכט (פֿון
קלעצער, שטיינער, ציגל אע). אַ, די קאָרע פֿון
אַ קלאָץ.
אַוועקטעפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~
געטעפּעט. פּר. איינציקווײַז אַרויסציִען די פֿעדעם
פֿון אַ געוועב. אַ, די צויטן פֿון אַ מלבוש.
אַוועקטער(ע)לײַ'קען, ־לײַקען — טרוו.
טער(ע)לײַקע אַוועק, ~(גע)טער(ע)לייקעט.
אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אויסזינגען
מיט אַ טרעל (וועגן, ווי פֿייגל). אַ, דאָס
זעלביקע לידל דעם גאַנצן פֿרימאָרגן.
אַוועקטערפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~
געטערפּעט. רוסיצ. לײַדן אַ לענגערע צײַט. אַ,
פֿון עמעצן אַ גלות.
אַוועקטראָג — דער, ־ן. אַקט פֿון
אַוועקטראָגן. אַ, פֿון זאָכן, פֿון רכילותן.

אַוועקטראָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטראָגן.
אַוועקטראָגן — טרוו. טראָג אַוועק, ~ געטראָגן. 1. טראָגן אַ לענגערע צײַט. „אַ לערן־ייִנגל בײַ אַ ליאַדע בעל־מלאכהלע האָט באַדאַרפֿט יאָרן־לאַנג אַ, פּאָמעניצעס“, ממוס, שלמה. 2. אַוועקנעמען פֿון איין אָרט און בּרענגען עס אויף אַן אַנדער אָרט. „מע קען דעם בּאַרג מיט אַ שפּענדל ניט אַ'“, שוו. „אַזו ווערט דאָש וואשר אי לענגר אי גרעשר... און טראָגט מענכה הײַזר אַוועק מיט דיא לײַט וואַש דרינן וואָכן און שלאָפֿן“, עיון, 2/29. „אַז ער האָט אָנגענומען בײַ דער זײַט וואָס עס איז מסוגל עס זאָל אים טראָגן... האָט עס אים אַוועקגעטראָגן אַהין“, נחב, 'מעשׂה מחכם'. „ער האָט אַ סך געזייט. נאָר וויפֿל וועט אויפֿגיין און וויפֿל וועט אַ, דער ווינט?“, פּרץ. 'די לוויה'. 3. בּרענגען אין בּאַוועגונג, מאַכן ס'זאָל פֿאָרן, שווימען אע. „מיר וועלן אין שיף בּלײַבן, פּילײַכט קומט ווידר איין ווינט און, טראָגט דאָס שיף איין וועק“, לט1, 2/37. 4. זייער גיך בּאַוועגן, פֿירן. „זײַנע פֿערדלעך...האָבן אַ נעם געגעבן דעם וואָגן בּאַרג אַראָפּ און געגעבן אַ טראָג אַוועק אים

-

פֿײַל אויסן בויגן“, שע, קליינע מענטשעלעך. 5. צונעמען צוריק. „און'...אויף גשטנדין און, זיין ח, מאות ווידר אַוועק גיטראָגין...“,נה, 342. 6. זײַן אין עפּעס אָנגעטאָן אַ לענגערע צײַט. „קיין טוץ העמדער האָט אין זייער גאַרדעראָבע זיך ניט געפֿונען, זיי האָבן אַוועקגעטראָגן אַ העמד עטלעכע וואָכן“, ממוס, מסעות. 7. צעטרענצלען, צעפּטרן. „איינער ברענגט אַרײַן אין הויז און דער אַנדערער טראָגט אַוועק„, שוו. 8. אַוועקגנבֿענען. „וואָרן וואָס קומט מיר דערויס פֿון זײַן וויינען און קלאָגן, אַז ער קוקט נאָר אויס אינגאַנצן עפּעס אַוועקצוטראָגן“, טעיאַטאָר. 9. מקבֿר זײַן. „אַ קינדס מזל קען מען ניט וויסן: עס

אַוועקטראָגן זיך

וועט געבוירן נאַקעט, און מע טראָגט עס אַוועק אָנגעטאָן„, שוו.
אַוועקטראָגן זיך — ← דפֿוו. געשווינד בײַטן דאָס אָרט. „...מיטגענומען אַלפֿרעדן און אַרויסגעשוואומען, און אַוועקגעטראָגן זיך מיט אים צו דניאלן“, הל, 'דאָס ליד וועגן ממזר אַל

פֿרעד,.

אַוועקטראָגעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. פּראָצעס פֿון אַוועקטראָגן, איר. 2. זאַך (כּלי, מלבוש) וואָס מע טראָגט אַוועק.

אַוועקטראָגעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקטראָגן.

אַוועקטראָגער — דער, ־ס. ווּ ־קע, ־ס. ווער עס טראָגט אַוועק. „דער צוטראָגער איז אויך דער אַ'“, שוו = ווער עס דערציילט דיר רכילותן וועגן אַנדערע, באַרעדט אויך דיך.

אַוועקטראַטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געטראַטשעט. סל. אויסגעבן; אַוועקגעבן, לאָזן גיין לאיבוד. אַ, אויף גאָרנישט די בעסטע יאָרן.

אַוועקטראַכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטראַכטן.

אַוועקטראַכטן — טראַכט אַוועק, ~ געטראַכט. אוטוו — טראַכטן, קלערן אַ לענגערע צײַט. זי האָט געקענט אַ, וועגן אים שעהן און שעהן. טרוו — אַבסטראַהירן אין געדאַנק געוויסע סימנים און אייגנשאַפֿטן. לאָמיר אַ, אַלע דרויסנדיקע סימנים פֿון מאַטעריע.

אַוועקטראַכטעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראַצעס פֿון אַוועקטראַכטן.
אַוועקטראַכטער — דער, ־ס. ווער עס
טראַכט אַוועק (← אַוועקטראַכטן). אַדי. ־יש.
.
אַוועקטר .קעז
-
— דזוו
אַוועקטערעא ן — דזוו אַוועקטאַראַכקען ←.
אַוועקטראַ
לײַקען ←.
אַוועקטראָמאַסען — טרוו. ־סע אַוועק,
~(גע)טראָמאַסעט. אויך: ~טראָמאַקען.
וורר. אַוועקשיטן, אַוועקטרייסלען. אַ, די
מעל פֿון זאַק.
אַוועקטראָמבען — טרוו. ־בע אַוועק, ~
געטראָמבעט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
בלאָזן אויף אַ טראָמבע, טרובע.
אַוועקטראָמפּייט(ער)ן — טרוו. ־פּייט(ער)
אַוועק, ~געטראָמפּייט(ער)ט. אָנהייבן אָדער
אַ לענגערע צײַט אויסשפּילן אויף אַ
טראָמפּייט. פּלוצעם אַ, אויפֿן טראָמפּייט דעם
פּאָפּולערן מאַרש.
אַוועקטראַמפּלען — טרוו. ־פּל אַוועק,

~געטראַמפּלט. אַוועקטרעטן, אַוועקקנעטן מיט די פֿיס. אַ, דעם וועג ביז ער וועט ווערן גוט האַרט.

אַוועקטראַנזשירן . טרוו ־זשיר אַוועק,

~געטראַנזשירט. אַוועקפּטרן, אין ניוועץ ברענגען. אַ, קהלש אייגנטום.

אַוועקטראָנטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געטראָנטשעט. סל. אַוועקשטויסן, אַוועקקלאַפּן. אַ, עפּעס פֿון די הענט.

אַוועקטראָפּען — ־פּע אַוועק, ~געטראָפּעט.

אויך: אין וורר ~טראָפּיען אין לר ~טראָפּן. אוטוו —אָנהייבן אָדער אַ לענגערע

צײַט טריפֿן, קאַפּען. עס האָט אַוועקגעטראָפּעט אַ רעגן. טרוו — לאָזן טריפֿן אַ צאָל טראָפּנס אָדער די גאַנצע פֿליסיקייט.

אַוועקטראַצען — טרוו. ־צע אַוועק, ~ געטראַצעט. סל. דזוו אַוועקטראַטשען ←.

אַוועקטראַקטירן — טרוו. ־טיר אַוועק, ~געטראַקטירט. געבן ביבוד אויף אַ גרויסן פֿאַרנעם אָדער אומווייליק. אַ, עמעצן אַז מע

זאָל ניט פֿאַרגעסן.

אַוועקטראַ'קענען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~געטראַקעט. אויו מיט ז י ך. זאַמעט. ווילדערהייט זיך לאָזן לויפֿן ערגעץ. „די פֿערד האָבן אַוועקגעטראַקעט אויף דערהרגעט צו ווערן“.

אַוועקטרוימען — טרוים אַוועק, ~געטרוימט. אַקוזוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פֿאַנטאַזירן, מאָלן זיך בילדער אין דמיון. אַ, אַ שיינעם טרוים. טרוו — אָפּשאַפֿן אין (דורך) טרוים, פֿאַנטאַזיע. נעאָל. אַ, דאָס שלעכטס פֿון דער וועלט.

אַוועקטרויערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~ געטרויערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט טרויערן.

אַוועקטרומייטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~געטרומייטערט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט בלאָזן אויף אַ טרומייט. אַ, און ניט אַנטשטילט ווערן. 2. געבן צו וויסן ווײַט אַרום. אַ, איבערן גאַנצן קאַנט. 3. דורך בלאָזן אויף אַ טרומייט אָדער ענלעכן אינסטרומענט פֿאַרהילכן (מע זאָל עפּעס ניט דערהערן). אַ, די געשרייען פֿון עולם.

אַוועקטריאומסירן — טרוו. ־פֿיר אַוועק,
~(גע)טריאומפֿירט. אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט שרײַאיק אויסדריקן פֿרייד איבער
אַ נצחון. אַ, דעם גרויסן זיג.
אַוועקטרײַבן — טרוו. טרײַב אַוועק, ~
געטריבן. צווינגען מיט כוח צו פֿאַרלאָזן דאָס
אָרט. „טרײַבט מען זי אַוועק, קומט זי
געשווינד ווידער“, ממוס, שירה.
אַוועקטרײַבעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקטרײַבן.
אַוועקטרײַבער — דער, ־ס. ווּ ־קע, ־ס.
ווער עס טרײַבט אַוועק.
אַוועקטרייבערן — טרוו. ־בער אַוועק,
~געטרייבערט. דזוו אויסטרייבערן ←.
אַוועקטרייסטן — טרוו. טרייסט אַוועק, ~
געטרייסט. 1. אָנהייבן און (אָדער) אַ לענגערע
צײַט טרייסטן, אײַננעמען, באַרואיקן. אַ, אַ
פֿרײַנד. 2. אָפּשאַפֿן סיבה פֿון געדריקטקייט
דורך טרייסטן. אַ, דעם צער.
אַוועקטרייסטעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטרייסטן.
אַוועקטרייסלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקטרייסלען.
אַוועקטרייסלען — טרוו. ־סל אַוועק, ~

געטרייסלט. 1. אַוועקרייניקן, באַפֿרײַען, פֿון עפּעס דורך שאָקלען. אַ, אַש, זאַמד. אַ, די עפּל פֿון בוים. 2. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט טרייסלען.

אַוועקטרייסלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אָפּשאָקלען זיך; זיך אָפּזאָגן מיט רוגזא און

אַוועקטרענען

פֿאַראַכטונג. אַ, זיך פֿון אַ פֿאַררעטער. 2. אַוועקגיין אויף אַן אופֿן, עס זאָל זײַן קאָנטיק דאָס שאָקלען זיך פֿון קערפּער (אָדער פֿון אַ טייל פֿון קערפּער). „די בּרייטבּייניקע ייִדענע האָט זיך אַוועקגעטרייסלט מיט איר שווערן קערפּער צו בּרענגען...“, א. קאַהאַן, אַהרן ליבּערמאַן. 3. אַוועקפֿאָרן זיך טרייסלענדיק אויף אַ פֿור(ל).

אַוועקטרייסלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקטרייסלען (זיך).

אַוועקטריל(ער)ן — טרוו. טריל(ער) אַוועק, ~געטריל(ער)ט. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט זינגען, צוויטשערן (וועגן פֿייגל).

אַוועקטרינקען טרוו. טרינק אַוועק, ~
געטרונקען. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט טרינקען (שיכּורן). אַ, און ניט
אויפֿהערן. 2. אָפּטרינקען אַ טייל אָדער
אויסטרינקען אַלץ. אַ, די סמעטענע פֿון אויבן;
אַ, דאָס גאַנצע קריגל.
אַוועקטרינקעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקטרינקען. אַן אַ, בּיזן באַגינען.
אַוועקטריפֿן — טריף אַוועק, ~געטריפֿט.
אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
רינען טראָפּנווײַז. עס האָט אַוועקגעטריפֿט
אַ דראָבנע רעגנדל. טרוו — לאָזו טריפֿן
אַ צאָל טראָפּנס אָדער די גאַנצע פֿליסיקייט.
אַוועקטריקענען — טריקן אַוועק, ~
געטריקנט. אוטוו — 1. פֿאַרדאַרט ווערן. דער
בּוים האָט אַוועקגעטריקנט. 2. אָנהייבן צו
טריקענען אָדער טריקענען אַ לענגערע צײַט.
טרוו — 1. אויסטריקענען בּיזן סוף. אַ, די
טאַבּעק־בּלעטער. 2. באַזײַטיקן פֿײַכטקייט
(נעץ) דורך טריקענען. אַ, פֿינף פּראָצענט פֿון
דער תּבֿואה.
אַוועקטריקענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
פֿאַרלירן די פֿײַכטקייט. אַ, זיך אויף דער זון.
אַוועקטרעבּעווען — טרוו. ־בּעווע אַוועק,

~געטרעבֿעוועט. רוסיצ. מאָנען פֿון עמעצן בֿיזן סוף. אַ, פֿון עמעצן אַ חובֿ. „...אַ, פֿון זײַן געשעפֿט מיט אַ טעלעגראַף“, קמ, 1865, No 15.

אַוועקטרעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטרעטן. אַ, פֿון פּרינציפּ.

אַוועקטרעטן — טרעט אַוועק, ~געטראָטן. אוטוו — ענדיקן; אָפּגיין; אָפּטרעטן פֿון אַ שטעלונג. אַ, פֿון אַ פּאָזיציע. „דרום אזוא בלד דער הייליגר שבת טוט אַוועקטרעטין טוא זיפֿצן אונ טרויארין אונ פֿלײסיג צו גאָט בעטן“, tה. טרוו — צעטרעטן, צעדריקן. אַ, עמעצן ווי אַ וואָרעם.

אַוועקטרעלן — דזוו אַוועקטריל(ער)ן ←.

אַוועקטרענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקטרענען.

אַוועקטרענען — טרוו. טרען אַוועק, ~ געטרענט. 1. אויפֿשנײַדן (אויפֿרײַסן) אַ נאָט בֿיזן סוף; אַוועקרײַסן אַ צוגענייטן (צוגעסטריגעוועטן) טייל. אַ, אַן אַרבֿל. 2. במקומוואָרט פֿאַר אַ צאָל ווערבֿן מיט די בֿבֿ: רײַסן, דורכרײַסן, אויפֿשנײַדן, אַרײַנהאַקן. וואול.

אַוועקטרענצלען — טרוו. ־צל אַוועק, ~
געטרענצלט. אויסגעבֿן, צעפּטרן בּיזן סוף.
אַ אַ פֿאַרמעגן.

,

אַוועקטרעסנען — אוטוו. ־גע אַוועק, ~
געטרעסנעט. אוקר, וורר. אינגאַנצן פּלאַצן,
צעזעצט ווערן בּיזן סוף. קללה: אַ, זאָלן אַלע
אונדזערע שׂונאים.
אַוועקטרעסען — טרוו. ־סע אָוועק, ~
געטרעסעט. אוקר, וורר, מג. אַוועקטרייסלען,
אַוועקשאָקלען. אַ, די פֿלוימען פֿון בּוים.
אַוועקטרעפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~
געטרעפּעט. אוקך, וורר. אָפּטראָגן, צערײַבֿן
בּיזן סוף. אַ, אַ מלבּוש, מאַכן פֿון אים אַ
שמאַטע.
אַוועקטרעשטשען — ־שטשע אַוועק, ~
געטרעשטשעט. אוקר, וורר. אוטוו — אָנהייבֿן
אָדער אַ לענגערע צײַט סקריפּען, קנאַקן אע.
„אַ גאַנצן ווינטער האָבֿן אַוועקגעטרעשטשעט
די פֿרעסט“. טרוו — צעבֿרעכן, צעקנאַקן
בּיזן סוף. אַ, די ניס.
אַוועקטשאַדען — ־דע אַוועק, ~

געטשאַדעט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע
צײַט טשאַדען, בּרענען מיט עסעדיקן רויך.
די האָלעוועשקע טשאַדעט אַוועק בּיז צו
חלשות. טרוו — 1. פֿאַרטרײַבּן דורך טשאַד,
רויך. אַ, די בּינען. 2. אַוועקנאַרן,
אַוועקשווינדלען.

אַוועקטשאַטעווען — טרוו. ־עווע אָוועק,
~געטשאַטעוועט. נאָכקוקן, נאָכשפּיאָנ□רן.
טשאַטעווען אַ לענגערע צײַט.

אַוועקטשאַטשקען (זיך) — ־קע (זיך)
אַוועק, (זיך) ~געטשאַטשקעט. וורר □ר. דזוו
,
אַוועקצאַצקען (זיך) ←.

אַוועקטשאַטשקעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
אַוועקצאַצקעניש ←. פּראָצעס פֿון
אַוועקטשאַטשקען זיך.

אַוועקטשאַכטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקטשאַכטשען. אַן אַ, וואָס
מע פֿאַרגעסט ניט בּיז דער חתונה.

אַוועקטשאַכטשע(נע)ן — טרוו. ־טשע
אַוועק, ~געטשאַכטשעט. וורר. [לר: ~
צאַכצענען]. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט
שמײַסן. אַ, אַ גענאַרניק.

אַוועקטשאַכנען — אוטוו. ־נע אַוועק, ~

געטשאַכנעט. סל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אײַנדאַרן, אײַנטריקענען. „און דאָ טשאַכנעט זי מיר אַוועק פֿון טאָג צו טאָג“, דייד.

אַוועקטשאַמקען — טרוו. ־מקע אַוועק, ~געטשאַמקעט. סל. אַוועקקײַען מיט די יאַסלעס (מאַכן בײַם עסן טשאַם־טשאַם). אַ, דעם גאַנצן טאָפּ אָט אַזוי זיך.

אַוועקטשאַקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געטשאַקעט. 1. אָפּטאָן עפּע מיט אַ באַזונדערער בריהשקייט. אָ, אַ ראַפּאָרט דעם קאָמאַנדיר. 2. אַוועקליגנערן. אָפּזאָגן ליגנס מיט אַ קנאַק.

אַוועקטשאָרען — טרוו. ־רע אַוועק, ~ געסשאָרעט. פּר. פֿאַרברודיקן, פֿאַרשוואַרצן. אַ, מלבושים, אַ, עמעצן דאָס פּנים.

88

אַוועקטשובען — טרוו. ־בע אַוועק, ~ געטשובעט. אוקר. אַוועקרײַסן (ווי פֿאַר די האָר); אַוועקשלעפּן עפּעס מיט פֿולע הויפֿנס. אַ, היי פֿון וואָגן; אַ אַן אָקרײַעץ פֿון אַ לאַבן

,

בּרויט.

אַוועקטשובּען זיך — קזוו. ← דפֿוו. אַ
לענגערע צײַט זיך רײַסן בײַ די האָר, שלאָגן זיך.
אַ, זיו ווי די הענער.

אַוועקטשוואַלעווען — אוטוו. ־לעווע אַוועק,
~געטשוואַלעוועט. פּר, מג. גיך אַוועקפֿאָרן,
אַוועקיאָגן זיך. "...אין זײַן...צעפֿאָרענער קאַר
אַוועקגעטשוואַלעוועט קיין ניו־יאָרק", י.
קייטעלמאַן, איק, ר"ה תּשכ,,א.

אַוועקטשוואַנ(י)ען זיך — אוטוו. ־נ(י)ע
זיך אַוועק, זיך ~געטשוואַנ(י)עט. ▯ל. אַ
לענגערע צײַט אַרויסווײַזן גאווה; זײַן פֿאַרריסן
בײַ זיך; באַרימען זיך. אַ, זיך מיט עפּעס.

אַוועקטשוואַקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געטשוואַקעט. סל. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע
צײַט קײַען אויף אַ פֿרעסערישן אופֿן. אַ,
ווי אַ חזיר.

אַוועקטשוואַקעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקטשוואַקען.

אַוועקטשויקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געטשויקעט. 1. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע
צײַט סקריפּען, גרילצן. אַ, מיט אַ פּאָר
נײַע שטיוול. 2. אַוועקגיין ערגעץ

טשוויקענדיק. טרוו — אָפּרײַסן. אַ, עפּל פֿון בוים.
אַוועקטשוכען — טרוו. ־כע אַוועק, ~
געטשוכעט. במקום־וואָרט פֿאַר ווערבן מיט
בּבֿ: אַוועקכאַפּן, אַוועקשלעפּן, אַוועקגנבֿענען
אע. אַ, עטלעכע שײַטלעך האָלץ פֿון וועגעלע.
אַוועקטשוכען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. טשוכען זיך נאָכן שלאָף אַ לענגערע צײַט.
2. טאָן עפּעס זייער פּאַמעלעך, אָן חשק. אַ,
זיך בײַ אַן אַרבעט.
אַוועקטשוכעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקטשוכען (זיך).
אַוועקטשיסטען — טרוו. ־טע אַוועק, ~
געטשיסטעט. אויך מיט ז י ך. רוסיצ.
אַוועקרייניקן. אַ, דעם סאַמאָוואַר, די שטיוול.
אַוועקטשיפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~
געטשיפּעט. אויך: ~שטשיפּען. סל.
אַוועקקנײַפּן, אַוועקרײַסן פֿון עפּעס אָדער עמעצן
מיט די שפּיץ פֿינגער, מיט אַ צווענגל אע. אַ,
אַ שטיק פֿלייש.
אַוועקטשיקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק,
~געטשיקעוועט. וואוויליונגעריש. נאָכקוקן,
נאָכשפּיאָנירן אַ לענגערע צײַט. אַ, דעם בנין
גאַנצע נעכט.
אַוועקטשיר(י)קען — טרוו. ־טשיר(י)קע

אַוועק, ~געטשיר(י)קעט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זינגען, פּײַפֿן (וועגן פֿייגל).
אַוועקטשישטשען — דזוו אַוועקטשיסטען ←.
אַוועקטשישען — טרוו. ־שע אַוועק, ~ געטשישעט. סל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אײַנשטילן. נעמען אַ, אַ קינד.
אַוועקטשמאָקען — ־קע אַוועק, ~ געטשמאָקעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט צונויפֿציִען די ליפּן און

אַרויסאַוועקיאָכן

לאָזן אַ טשמאָק. „דער בעל־עגלה האָט אַוועקגעטשמאָקעט, און די פֿערד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פֿון אָרט“. טרוו — 1. אַוועקזייגן. 2. מגושמדיק, גראָב אַוועקקושן; אויסהאַלדזן. מיט ז י ך — קזוו. מגושמדיק, גראָב זיך קושן, זיך האַלדזן.
אַוועקטשעכעווען — טרוו. ־כעווע אַוועק, ~געטשעכעוועט. לאָקל, וורר. אַוועקקראַצן פֿון עפּעס. אַ, שמוץ פֿון אַ כלי. מיט ז י ך — קראַצן זיך אַ לענגערע צײַט.
אַוועקטשעפּיען — טרוו. ־פּיע אַוועק, ~

געטשעפּיעט. פּר. אַוועקטרייסלען, אָוועקקלאַפּן.

אַוועקטשערפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~ געטשערפּעט. רוסיצ. אַוועקשעפּן. אַ, דאָס אייבערשטע, דאָס גאַנצע וואַסער פֿון פֿאַס.

אַוועקטשעש(לעוו)ען — טרוו. ־ש(לעוו)ע אַוועק, ~געטשעש(לעוו)עט. דזוו אַוועקטעסען ←.

אַוועקיאָגן — יאָג אַוועק, ~געיאָגט. אוטוו — אַנטלויפֿן, עוקר זײַן; זיך ראַטעווען. „ דערווײַל האָבן זיך גענומען די יהודים אין דער דעה, אַז זיי זאָלן אַוועקיאָגן פֿון דאַנען“, מע□)ה אומן. טרוו — פֿאַרטרײַבן; צווינגען צו אַנטלויפֿן. „עש קענט זיין דאש איין אנדיר קיניג אודיר אנדיר פֿירשט מיט דען קיניג איין מלחמה פֿיריטין...אונ, אים פֿון זיין רײַכטום לנד אונ, לייט הין וועק יאגיטין“, גה□ 173. “נאָר די יהודים פֿון דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווערן קעגן די פּוחזים און אַוועקצויאָגן זיי“, מע□ה אומן.

אַוועקיאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך לאָזן גיך לויפֿן (און לויפֿן אַ לענגערע צײַט); נאָכיאָגן זיך נאָך עמעצן, עפּעס אויף אַ ווײַטערן מהלך. אַ, זיך הענדום־פּענדום נאָך

(כלומרשטע) גליקן.

אַוועקיאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקיאָגן (זיך).

אַוועקיאַדען — טרוו. יאַדע אַוועק, ~ געיאַדעט. 1. אַ לענגערע צײַט ערגערן, טאָן עמעצן צו־להכעיס. אַ, אַ מאַן דאָס גאַנצע לעבן. 2. דערדריקן דורך יאַדען. אַ, מ'זאָל קיין תּחית־המתים ניט אויפֿשטיין. אויך מיט ז י ך.

אַוועקיאָדערן — טרוו. ־דער אַוועק, ~ געיאָדערט. אַרויסנעמען די יאָדערן, קערנער פֿון פּירות. אַ, קאַרשן.

אַוועקיאַטרעווען (זיך) — אוטוו. ־רעווע (זיך) אַוועק, (זיך) ~געיאַטרעוועט. סל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אייטערן; אַרויסגעבן אָדער אָנגיסן זיך מיט מאַטעריע. די וואונד האָט (זיך) אַוועקגעיאַטרעוועט.

אַוועקיאַכמערן (זיך) — אוטוו. ־מער (זיך) אַוועק, (זיך) ~גע אָכמערט. אָנהייבן אָדער אַ

,

לענגערע צײַט קלאָגן, וויינען הויך אויף אַ קול. אַ, ווי פֿאַר אַ מאַמען.

אַוועקיאָכן — יאָך אַוועק, ~געיאָכט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט געפֿינען זיך אונטער אַ יאָך, דרוק, אין זייער שווערע תּנאָים. אַ, אַ

פֿאָר יאָר. טרוו   פֿאַרשקלאַפֿן ביזן סוף;

□

האַלטן אונטער אַ יאָך. אַ, עמעצן, ער זאָל
ניט זען די ליכטיקע שײַן.

אַוועקיאָכצ(ע)ן

אַוועקיאָכצ(ע)ן — אוטוו. יאָכץ(־צע) אַוועק,
~געיאָכצ(ע)ט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע
צײַט קרעכצן, באַקלאָגן זיך.
אַוועקיאָכצעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקיאָכצ(ע)ן. ס'לאָזט זיך אויס
מיט אַן אַ,.
אַוועקיאָמערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~
געיאָמערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
שטאַרק וויינען; זיך פֿאַרגיין אין וויינען אויף
אַ קול. אַ, ווי נאָך אַ מת.
אַוועקיאָנצן — טרוו. יאָנץ אַוועק, ~
געיאָנצט. וורר□ אויסנאַרן עפּעס פֿון עמעצן,
אַרויסקריגן דורך שווינדל. אַ, עפּעס פֿון אַ
גאָטס בהמהלע.
אַוועקיאָפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~
געיאָפּעט. אוקר. אָנהייבן העשען, וויינען (מיט
ביטול). אַ, און מאַכן תּשעה־באָבֿ מיצקע

דערינען.

אַוועקיאָקטערן זיך — דזוו אַוועקדאָקטערן זיך ←. שפּאָט־לשון.

אַוועקיאָקלען — טרוו. ־יאָקל אַוועק, ~געיאָקלט. וואוויליונגעריש. אַוועקגנבֿענען, אַוועקנאַרן, אַוועקשווינדלען. אַ, געלט פֿון אַ שמאַגעגע.

אַוועקיובּלען — טרוו. יובּל אַוועק, ~ געיובּלט. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט אויסדריקן גרויסע פֿרייד, הילכיק, מיט פּאַראַד. אַ, דעם יום־טובֿ פֿון זיג.

אַוועקיובּקען זיך — קזוו. ־קע זיך אַוועק, זיך ~געיובּקעט. פּפֿ: ~יאָבּקען. וואול. זיך זידלען גראָבּ, מיט די מיאוסטע ווערטער.

אַוועקיובֿלען — [...יוי'וולען] יובֿל אַוועק, ~געיובֿלט. אַקוזוו — דורכלעבּן פֿופֿציק יאָר. „שוין אַוועקגעיובֿלט איין יובֿל, אויף אַ צווייטן איז שווער צו האָפֿן„, רייד. טרוו — דורכפֿירן אַ יום־טובֿ, אַ פֿײַערונג, געדענקטאָג מיט אַ וויכטיקער דאַטע (עפֿנטלעך, מיט פּאַראַד).

אַוועקיויזלען — טרוו. יויזל אַוועק, ~ געיויזלט. לר. אַוועקגנבֿענען, פֿאַרקויפֿן קלויסטער־אַרטיקלען (צלמים, איקאָנעס אע). אַ, די

גאַגצע טומאה.

אַוועקיויכצ(ע)ן — אוטוו. יויכץ (יויכצע) אַוועק, ~געיויכצ(ע)ט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן געשרייען פֿון פֿרייד אָדער טרויער.

אַוועקיוכען זיך — אוטוו. יוכע זיך אַוועק, זיך ~געיוכעט. אַנהייבן אַרויסווײַזן גראָבע און ברוטאַלע מעשׂים. אַ, זיך ווי אַן עשׂו'קע.

-

אַוועקיום־טובֿן — [...יאָנטעוון] טרוו. יומטובֿ אַוועק, ~געיום־טובֿט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פּראַווען יום־טובֿ. אַ, ביז

□

באַגינען. 2. דורכפֿירן, פֿאַרענדיקן אַ יומטובֿ, אַ פֿײַערונג. אַ, דעם קרוינטאָג.

אַוועקיושען זיך — דזוו אַוועקיוכען זיך ←.

אַוועקיחוסן זיך — [...ייִכעסן] אוטוו. יחוס זיך אַוועק, זיך ~געיחוסט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זיך רימען מיטן אָפּשטאַם, משפּחה; זיך איבערנעמען מיט עפּעס, אָפּט איך. אַ, זיך מיט דער בעדערקע.

אַוועקי□דישן — טרוו. ייִדיש אַוועק, ~ געייִדישט. 1. מל זײַן. גראָבלעך. אַ, דעם

גרויסן גר. 2. אַוועקשנײַדן. וואוויליונגעריש.

אַוועקי()שובֿן זיך — [...ייִשעוון] אוטוו. ייִשובֿ זיך אַוועק, זיך ~געייִשובֿט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט האַלטן זיך אַן עצה. אַ, זיך דרײַ טעג און דרײַ נעכט ווי די כעלעמער.

אַוועקי()תורן — [...ייִטערן] טרוו. ייִתּור אַוועק, ~געייִתורט. דזוו אויסייִתּורן ←.

אַוועקיללהן — [...יעלאָ'לען] אוטוו. יללה אַוועק, ~געיללהט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט וויינען, קלאָגן (הויך אויף אַ קול). אַ, און זיך גאָרניט אָפּשטעלן.

אַוועקיעטן — טרוו. יעט אַוועק, ~געיעט. אַוועקרײַסן ווילדגראָז. אַ, די ווילדע קרײַטעכצער פֿון גאָרטן.

אַוועקיענטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק, ~געיענטשעט. אָנהייבן (אָדער אַ לענגערע צײַט) זיפֿצן, קרעכצן.

אַוועקיענצן — טרוו. ־נץ אַוועק, ~געיענצט. וואול. דורכפֿירן סעקסועלן פֿאַרקער.

אַוועקיעק(ע)ן — יעק(ע) אַוועק, ~
געיעק(ע)ט. אוטוו — אָפּשפּאָטן, אָפּחוזקן פֿון
עמעצן. טרוו — פֿאַרשטויסן, פֿאַרטרײַבן מיט
שפּאָטרייד, דורך אָפּחוזקן. אַ, דעם יאָלד פֿון
אונדזער חבֿרה.
אַוועקיקרנען — [...יאַ'קרענען] טרוו. יקרן
אַוועק, ~געיקרנט. שטעלן אַ צו הויכן פּרײַז
פֿאַר עפּעס. „אַ, סחורה איז ניט שלעכט, די
צרה איז וואָס צו פּרנסה קומט עס ניט“, רייד.
אַוועקירשע(נע)ן — [... אַ'רשע(נע)ן] טרוו.
ירשן (ירשע) אַוועק, ~געירשנט (~
געירשעט). דזוו ירשענען, נאָר עמפֿאַטישער, מיט
בײַטעם פֿון ענדגילטיקייט.
אוועקישבֿע(נע)ן — [... אַ'שווענען] ישבֿע
—
(ישבֿן) אַוועק, ~געישבֿעט (~ישבֿנט). אוטוו
— אָפּזיצן אַ לאַנגע צײַט אין תּפֿיסה. אַ, אין
קאָטשומענט — אַרײַן אַ ייִנגל און אַרויס אַ
זקן. טרוו — אַוועקזעצן אויף אַ לענגערער
צײַט אין תּפֿיסה. אַ, דעם פֿויגל אויף שיינע
עטלעכע יאָר.
אַוועקכאַבאַרעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק,
~געכאַבאַרעוועט ▯ אונטערקויפֿן; אַוועקקויפֿן

עמעצן פֿאַר שמירגעלט. אַ, אַ פּריסטאַוו, אַ
באַאַמטן.

אַוועקכאָכאָטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק,
~געכאָכאָטשעט. רוסיצ. אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט לאַכן הויך אויף אַ קול. אַ,
ווי נאַרישע מיידלעך.

אַוועקכאָליען — אוטוו. ־ליע אַוועק, ~
געכאָליעט. [אָפּשטאַם ← אויסכאָליען I].
קרענקען אַ לענגערע צײַט (פֿײַנדלעך, פּעיאָ). אַ, אַ
גאַנצן ווינטער.

אַוועקכאָמכען — ־כע אַוועק, ~געכאָמכעט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט שטאַמלען (פּעיאָ).
טרוו — עפּעס אַרויסזאָגן שטאַמלענדיק. אַ,
דעם ענטפֿער. אויך: ~כאָנכען.

אַוועקכאַפּן — טרוו. כאַפּ אַוועק, ~געכאַפּט.
1. אַוועקנעמען אין אײַלעניש. אַ, די האַנט
פֿון פֿײַער. 2. טאָן (אַרבעטן, ריידן, לייענען
אע) עפּעס אויף אַן אײַליקן שטייגער; אַפּכאַפּן.
„מע טאָר ניט געשווינד אַ, די ברכה, נאָר מע

אַוועקכוואָשטשען

מוז זי זאָגן גאַנץ פּאַוואָליע„, חא, מז/צ.
“דערנאָך זאָל ער זאָגן אָמן, און זאָל דעם

אָמן ניט אַ',,, לט2. ,,פֿאַרוואָס שרײַט מען
ראשהשנה אויס דאָס גאַנצע דאַווענען, נאָר ,מעשׂה
אנוש, כאַפּט מען אַוועק?‟, דלוגאָטש,
וועלטמסורה, וואַרשע 1881. 3. אַוועקרײַסן,
אַוועקנעמען מיט כוח: אַוועקגזלען. ,,און ער האָט
מורא געהאַט טאָמער וועט מען זי אַ, בײַ אים...
האָט [ער] זי פֿאַרקליידט ווי אַ מאַטראָס‟, נחבֿ,
'מעשׂה מבֿערגיר והעני',. ,,אין איין שיינעם
פֿרימאָרגן כאַפּט אַ שפּאַרבֿער אַוועק אירס
אַ קינד און הייבֿט זיך דערמיט אויף אין
לופֿטן,,, ממוס, קליאַטשע. קללות: דער רוח
(טײַוול, שוואַרציאָר) זאָל דיך אַ,! *עס כאַפּט
אים אַוועק דער רוח = ווערט צעהיצט,
צעקאָכט, צעיאַכמערט. ,,אַ מחותּן...אַז ער
דערזעט אַ דעפּעש, כאַפּט אים אַוועק דער רוח‟,
שע, מנחם־מענדל. אַ, זאָל עס דיך.
אַוועקגעכאַפּט זאָלסטו ווערן! 4. (אויס)כאַפּן עפּעס
גיכער ווי אַ צווייטער. אַ, פֿון אונטער די
הענט. ,,דאָ געפֿינט זיך נאָך אַ ייִד, אַן
עסיקמאַכער...כאַפּט ער אָפּט אַוועק צו זיך
אורחים‟, קמ, 20 1869, No. ,,,...פֿאָרן און
חופּה שטעלן...זאַמט ניט, דען עס וועט זי
אַן אַנדערער אַ'‟, מסדר אגרת, תּקפּ,,ה.
5. אויסנאַרן, אַוועקנעמען דורך אַ טריק,

המצאהלע. „פלוצלינג קומט יעקבֿ און כאַפּט
אַוועק די ברכות פֿון אונטער דער האַנט“,
טעיאַטאָר.
אַוועקכאַפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿאַרלאָזן
אין אײַלעניש, בשתּיקה. אַוועקגנבֿענען זיך.
אַ, זיך פֿון הויז אַז קיינער זאָל ניט זען. „דער
מלמד איז געווען שטילערהייט אַ חסיד און
פֿלעגט זיך אין מיטן זמן אַ, אויף עטלעכע
טעג צום רבין“, ארז, קמ, 6 1866, No.
אַוועקכאַפּעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקכאַפּן (זיו).
אַן אַ', אַלץ ווערט פֿאַרשוואונדן פֿון אונטער
די הענט.
אַוועקכאַפּער — דער, ־ס. ווב ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אַוועקכאַפּן.
„בײַטלשנײַדערס, אַ'ס און אַנדערע שלעק, —
אַ פֿײַן געזינדל!„, רייד.
אַוועקכאַפּעריי — דאָס & די, ־ען. געאײַל,
--
יאָגערײַ. טואונג פֿון אַוועקכאַפּן.
אַוועקכאַראָבען — אוטוו. ־בע אַוועק, ~
געכאַראָבעט. סל. אַוועקקרענקען (מיט ביטול).
אַוועקכאָרכלען — אוטוו. ־כל אַוועק, ~
געכאָרכלט. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן

גאָרגלדיקע קלאַנגען. אַ, ווי אַ ניט־דערקוילעטע הון.

אַוועקכוואַליען — ־ליע אַוועק, ~ געכוואַליעט. אוטוו — זיך אָפּטראָגן ווײַטער, מאַכנדיק כוואַליעס. "דאָס וואַסערל כוואַ.עט אַוועק און ווערט פֿאַרפֿאַלן צווישן די ביימער".

טרוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מאַכן כוואַליעס. „אַן אָנגעפֿלויגענער ווינט האָט אַוועקגעכוואַליעט דאָס וואַסער".

אַוועקכוואָרען — אוטוו. ־רע אַוועק, ~ געכוואָרעט. סל. אַוועקקרענקען.

אַוועקכוואָשטשען — טרוו. ־שטשע אַוועק, ~געכוואָשטשעט. סל. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שמײַסן (מיט אַ רוט, צווײַגל

אַוועקכויכען

אע). 2. אַוועקטרײַבן מיט שמיץ, ריטער. אַ, די פֿערד.

אַוועקכויכען — טרוו ־כע אַוועק, ~ געכוי

כעט. ווילנע, לר. אַרויסבאַקומען עפּעס פֿון עמעצן דורך שווינדל, פֿאַררײדן די ציין. אַ, פֿון עמעצן די לעצטע פּאָר גראָשנס. ←

אויסכויכען.
אַוועקכוקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~געכוקעט.
וורר, אוקר. דזוו אַוועקהוקען ←. אויסלעשן, אַוועקבֿלאָזן.
אַוועקכיטרעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק, ~געכיטרעוועט. דזוו אויסכיטרעווען ←.
אַוועקכיכיקען — ־קע אַוועק, ~געכיכיקעט.
אוטוו — אָנהייבֿן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט לאַכן אויף אַ קינדערשן אָדער קאָקעטישן אופֿן. טרוו — פֿאַרטרײַבֿן עמעצן דורך כיכיקען. אַ, דעם נאַרישן בֿחור.
אַוועקכיליען — אוטוו. ־ליע אַוועק, ~געכיליעט. קלעזמער־לשון. פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, אַוועקגיין. ״דער זבֿראַם האָט אַוועקגעכיליעט״ [= דער פֿאָטער איז אַוועקגעגאַנגען].
אַוועקכלאָפּאָטשען (זיך) — אוטוו. ־סשע (זיך) אַוועק, (זיך) ~געכלאָפּאָטשעט. סל. אַ לענגערע צײַט זיך משתּדל זײַן עפּעס אויסצופּועלן. אַ, (זיך) וועגן עפּעס, פֿאַר (וועגן) עמעצן.
אַוועקכליאָבֿען — טרוו. ־בֿע אַוועק, ~געכליאָבֿעט. וורר, אוקר. אַוועקטרינקען; אַוועקעסן אַ שיטערן מאכל (וועגן בעלי־חיים אָדער גראָבֿלעך וועגן מענטשן).

אַוועקכליאַסקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געכליאַסקעט. במקום־וואָרט פֿאַר ווערבן מיט
אַוועק וואָס ווײַזן אויף אַ טואונג וואָס ווערט
גיך אָפּגעטאָן, ספּעציעל ווען עס קענען זיך
הערן קלאַנגען וואָס האָבן דעם עפֿעקט פֿון
אַ כליאַסק. קען באַטײַטן: אַוועקפּאַטשן אע;
אַוועקרײַטן אע; אַוועקנעמען אע.
אַוועקכליאַפּטשען — ־טשע אַוועק, ~
געכליאַפּטשעט. פּפּ: ~כליאָפּטשען. אוטוו
אַוועקגיין, אַוועקשפּרײַזן אין וואַסער אָדער
בלאָטע. אָ, איבער די זומפּן. טרוו — דזוו
אַוועקכליאָבען ←.
אַוועקכליאַפּען — ־פּע אַוועק, ~געכליאַפּעט.
אוטוו — 1. גיסן אָן אויפֿהער, מבולען. „דער
רעגן האָט אַוועקגעכליאַפּעט עטלעכע טעג
דורכאַנאַנד“. 2. דזוו אַוועקכליאַסקען ←.
טרוו — אַוועקגיסן מיט כעס אע. אַ, דעם קוואַס
יענעם אין פּנים אַרײַן.
אַוועקכליופּען — אוטוו און טרוו. ־פּע אַוועק,
~געכליופּעט. 1. דזוו אַוועקכליאַפּען ←.
2. דזוו אַוועקכליפּען ←.
אַוועקכליעשטשען — ־שטשע אַוועק, ~
געכליעשטשעט. סל. אוטוו — אַוועקפֿאָרן,
אַוועקרײַטן פֿאָכענדיק מיט אַ בײַטש, רוט

אע. טרוו — אַוועקפּאַטשן, אַוועקשמײַסן
מיט אַ קאַנטשיק, כליעשטש אע.

אַוועקכליפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~
געכליפּעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט וויינען מיט אַ פֿאַרשטיקט קול. „האָט
ער אַזוי צעבראָכן דאָס האַרץ, אַז די ווײַבער
האָבן אַוועקגעכליפּעט אַזש ביז...„, ק[illegible], [illegible]186,
.No 43

אַוועקכמאַליען — טרוו. ־ליע אַוועק, ~

גע90

כמאַליעט. 1. אַוועקיאָגן, אַוועקטרײַבן מיט
שטאַרקע קלעפּ. 2. דזוו אויסכמאַליען ←.

אַוועקכמאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אַוועק,
זיך ~געכמאַרעט. אָנהייבן צו באַדעקן זיך מיט
וואָלקנס; פֿאַרלירן לויטערע מראה. „דער
הימל כמאַרעט זיך אַוועק און ס'ווערט
פֿינצטער ווי אין מצרים„. „דאָס פּנים כמאַרעט זיך
אַוועק“.

אַוועקכמורען זיך — אוטוו. ־רע זיך אַוועק,
זיך ~געכמורעט. 1. דזוו אַוועקכמאַרען זיך.
2. ווערן אָדער אַ לענגערע צײַט
אַרויסווײַזן אומצופֿרידנקייט פֿאַרדאגהטקייט, ברוגז.

,

אַוועקכניקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~ געכניקעט. אַוועקוויינען שטיל, צעצויגן, אָדער מיט איבעררײַסן, אָן באמתדיק געפֿיל. אַ, איבער אַ נישטיקער עקשנות.

אַוועקכראַבּרעווען זיך — דזוו אויסכראַבּרעווען זיך ←.

אַוועקכראָמ(ש)קען — טרוו. ־כראָמ(ש)קע אַוועק, ~געכראָמ(ש)קעט. אויך: ~ כראָמסקען, ~כראָמטשען. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט קײַען מיט הילכיקער ציין־קנאַקערײַ (אָדער אַנדערע ניט־אָנגענעמע קלאַנגען). אַ, די רויע מערן. אַ, ווי אַ חזיר.

אַוועקכראָפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~ געכראָפּעט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט טיף און הילכיק אַרײַנאָטעמען (אַרויסאָטעמען) לופֿט אין שלאָף (אויך פֿון דערשרעק, אויפֿרעגונג אע). „דאָס פֿערד האָט זיך צעפּאַלאָשעט און אַוועקגעכראָפּעט“. 2. שלאָפֿן אַ לענגערע צײַט (מיט ביטול, אומצופֿרידנקייט). אַ, ביז אין שפּעטן טאָג אַרײַן ▯ זן טרוו — מיט כראָפּען פֿאַרטרײַבן, בטל מאַכן. „זיך געלייגט שלאָפֿן און אַוועקגעכראָפּעט די דאגות“, רייד.

אַוועקכראַקען —, טרוו. ־קע אַוועק, ~
געכראַקעט. 1. אויסכראַקען אָדער כראַקען אַ
לענגערע צײַט. אַ, לחות (לייכעץ). 2.
אַוועקשטויסן עמעצן מיט עקל; פֿאַרטרײַבן דורך
שפּײַען אויף עמעצן. אַזאַ פּאַסקודניאַק
באַדאַרף מען אַ'.

אַוועקכר(י)וקען — כר(י)וקע אַוועק, ~
געכר(י)וקעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט אַרויסברענגען קולות פֿון (אַזוי
ווי) אַ חזיר. אַ, ווי אַ געקוילעטער חזיר.
טרוו — אַוועקטרײַבן, אַוועקיאָגן מיט קלאַנגען
ענלעכע צו כריו־כריו.

אַוועקכריפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~
געכריפּעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט אַרויסגעבן הייזעריקע, צוגעשטיקטע
קלאַנגען. אַ, נאָך אַ פֿאַרקילונג.

אַוועקלאָ'בוסן — אוטוו. לאָבוס אַוועק, ~
געלאָבוסט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט זיך אויפֿפֿירן ווי אַ ליידיקגייער, שטיפֿער,
אוממענטש, אומלײַט. זײַן אין אַ שטימונג
אַוועקצולאָבוסן.

אַוועקלאָבן זיך — אוטוו. לאָב זיך אַוועק,
זיך ~געלאָבט. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט זיו קוויקן מיט עפּעס. אַ, זיו מיט

אַ יום־טובֿדיקער סעודה.
אַוועקלאַבערן — ־ער אַוועק, ~געלאַבערט.
אָנטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
שפּילן [אין קאָרטן, ביינדלעך אע].

קלעזמעראַוועקלאָזן

לשון. טרוו — אַוועקלקחענען, אַוועקגנבֿענען
אַ, דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג.
אַוועקלאַגערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~
געלאַגערט. 1. אַוועקלייגן אין לאַגער, שפּײַכלער.
אַ, סחורה אויף יקרות. 2. אַוועקלייגן אויף
אַ לענגערער צײַט. אַ, מלבֿושים אויפֿן זומער.
אוטוו — זײַן אויף אַ לאַגער אַ לענגערע צײַט.
אַ אַ פּאָר וואָכן אין וואַלד.

אַוועקלאָדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקלאָדן. פֿילן זיך גרינגער
ווי נאָך אַן אַ'.
אַוועקלאָדן 1 — טרוו. לאָד אַוועק, ~געלאָדן.
איבערטראָגן משׂא פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן.
אויסלאָדן אין אַ זײַט. אַ, סחורות פֿון
וואַגאָנען.

אַוועקלאָדן 11 — טרוו. ← דפֿוו. אָנהייבן
אָדער אָ לענגערע צײַט קלאָגן עמעצן פֿאַר אַ
גערי‎כט. *אַ, צום ונתנה תּוקף = מאָנען
און ניט האָפֿן צו באַקומען. מיט ז י ו —
זיך משפּטן אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך איבער
דער ירושה ביז מע פֿאַרלירט דאָס ביסל אייגנס.
אַ, זיך פֿון נידעריקסטן געריכט ביזן העכסטן.

אַוועקלאַדע(ווע)ן — טרוו. לאַדע(ווע) אַוועק,
~געלאַדע(ווע)ט. פֿאַרריכטן; ענדגילטיק
ברענגען אין אַ סדר. אָ, אַ מלבוש; אַ, דאָס געזונט.

אַוועקלאָדעניש — דאָס (די), ־ן. פּראַצעס
פֿון אַוועקלאָדן (זיך). אַן אַ, אויף יאָרן.

אַוועקלאָדער — דער, ־ס. ווער עס לאָדט
אַוועק. דינגען אַ'ס ר ג דרעוועז
ורה. וו ־
ד ,
-

אַוועקלאָדערן, ~
— אַקוזוו. לאָדער (לודער, לודרעווע) אַוועק;
~געלאָדערט, ~געלודערט, ~געלודרעוועט.
אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
פּוסטעפּאַסעווען, זײַן אַ ליידיקגייער. אַ, טעג און
יאָרן.

אַוועקלאַוו(ר)ירן — אוטוו. ־וו(ר)יר אַוועק,

~געלאַוו(ר)ירט. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט קאָמבינירן, דורכקומען,
געפֿינען אַן אויסוועג, זיך דורכדרייען אע. אַ, צווישן
צוויי פֿײַערן, צווישן רעכטס און לינקס.
אַוועקלאָז — דער, ־ן. אַקט פֿון לאָזן איו
באַוועגונג. דער אַ, פֿון מאַשין.
אַוועקלאָזן — טרוו. לאָז אַוועק, ~געלאָזן
(לד), ~געלאָזט (פֿד). 1. געבן רשות (
דערלויבעניש, מעגלעכקייט) אַוועקצוגיין, זיך צו
דערווײַטערן; ניט פֿאַרהאַלטן. „און זיי האָבן
שוין געהאַלטן דעם בעל־תּפֿילה בײַ זיך און
זיי האָבן אים שוין ניט געוואָלט אַ'“, נחב,
'מעשׂה מבערגיר והעני'. 2. לאָזן אין גאַנג
(מאַשין, אינסטרומענט). אַ, דעם גרויסן זייגער,
די פּאַראָווע מיל. 3. אָפּלאָזן פֿון אַ שטעל,
אַמט. אַ, דעם משרת, דעם אַסיסטענט. 4.
באַפֿרײַען, ניט באַשטראָפֿן, באַגנעדיקן. „און
זי האָט זייער געבעטן אַז זיי זאָלן אים אַ„
וואָרעם פֿאַר וואָס קומט אים מיתה“, נחב,
'מעשׂה מבערגיר והעני'.
5. אָפּקערן זיך, אָפּווענדן זיך; בײַטן דעם
צענטער פֿון אינטערעס. לאָמיר אַ, דעם
בןמלד און זיך אומקערן צו דער בת־מלכּה.
„...ווערט נחסר די מידה פֿון בדידות און עס

ווערט אַוועקגעלאָזט די מעלה פֿון אײניקייט", ח״ה, בּ, 213. "ווען ער זאָל שטיין פֿאַר אַ מלך...און ריידן מיט אים, אין מיטן דרינען

אַוועקלאָזן זיך

זאָל ער דעם מלך אַ, און אָנהײבּן רײדן מיט אַן אַנדערן,,, לט2, 1/8. 6. אָפּנייגן; זיך נ״ט רעכענען. אַ, די מידה פֿון דין, פֿון רחמים. ,,...רעדט מיך אָן דערצו צו אַ, די דאָזיקע גוטע מחשבֿה פֿון מחבּר", חה, 42. ,,ווערסט אָבער, אַל תּפֿתּח פּה לשׂטן, אַ, דעם וועג וואָס איז ליכטיק און גיין אין אַ וועג פֿון פֿינצטערניש,,, יד, אבֿן נגף.

. מוותּר זײַן אויף עפּעס, אָפּזאָגן זיך פֿון עפּעס. אַ, אַ פּאָזיציע, אַ (גוטע) שטעל(ע). *אַ, מיטן ווינט—פֿאַרטאַכלעווען, צעפּטרן, לאָזן אויף --

הפֿקר. אַ, מיטן וואַסער = א) זיך ניט אַרײַנ מישן, לאָזן גיין ווי עס גייט; בּ) זיך פֿאַרלאָזן אַז עפּעס וועט צופֿעליק אַרויסקומען פֿון דעם. אַ, מיטן (אין) פֿײַער, מיטן רויך =

אונטער.
צינדן. „די שטאָט האָבן זיי אַוועקגעלאָזט אין פֿײַער“, תּי, שופֿטים, טז, 8. אַ, פֿון אויג =
.
ניט לייגן (מער) קיין אַכט, ניט אויפֿפּאַסן. *אַ, אונטערן האַמער = לאָזן פֿאַרקויפֿן אויף אַן אויקציאָן. 8. דורכלאָזן; פּטרן. „כּל־זמן דער מענטש לעבט, טראַכט ער גאָרניט נאָכוואָס ער איז באַשאַפֿן געוואָרן און לאָזט אַוועק זײַנע טעג ליידיק אָן תּורה און מצוות“, נצ2, לד/ג. „...האָט נישט אַוועקגעלאָזט אַפֿילו איין מינוט און האָט אָפּגעשריבן„, קאַלמוס, דער לעבעדיקער יתום, אַדעס 1876.
אַוועקלאָזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
פֿאַרלאָזן דאָס אָרט וואו מע געפֿינט זיך און זיך באוועגן (פֿאָרן, גיין, שווימען פֿליִען אע)
—
,
צו אַ ווײַטן פּונקט. „...וויל אי טאָן וואַש נייארט מיגליך איז צו טאָן אונ, לאָז דיך גיויש [= געוויס] נימר איין וועק“, פּראָגב, 54 פֿון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט
. „
קיין איטאַליע, פֿון איטאַליע האָט ער זיך ווײַטער אַוועקגעלאָזט קיין שפּאַניע„, נחב,

'מעשׂה מחכם ותּם'. *זיך אַ, אויפֿן ים (וואַסער) = אָנהייבן אַ לענגערע נסיעה איבערן ים.
,,נו, וועל איך מיך אַ אויפֿן וואַסער און איבערלאָזן מײַן איין־איינציק קינד אויף פֿרעמדע הענט?", פּרץ, 'אָן מזל,. *אַ, זיך הינטער די הרי־חושו = גאָר ווײַט, אין ווילדערנישן.
2. אָנהייבן נסיעה, וואַנדערוועג מיט אַ באַשטימטן ציל. אַ, זיך זוכן פּרנסה. ,,איך מיט מײַן בעל־הבית בײַנאַנד האָ'מיר זיך...
אַוועקגעלאָזט אין אַ ווײַטן לאַנד — עס וועט דרינען זײַן עטלעכע יאָר", עט, משלים. *אַ, זיך איבער די הײַזער = אָנהייבן גיין קלײַבן נדבֿות.
3. מיט אימפּעט גיין, פֿאָרן; מיט ברען אונטערנעמען זיך עפּעס צו טאָן. זיך אַ, איבער וועלדער און פֿעלדער. ,,האָט זיך איין מאָל אונטער אַ פּורים אין אַ שלעכטער צײַט גאַנץ קאַבצאַנסק אַוועקגעלאָזט קיין גלופּסק,,, ממוס, ווינטשפּ. ,,...צו דײַנע ייִדעלעך...וואָס האָבן זיך ווי דו אַוועקגעלאָזט אויף קידוש־השם", ממוס, שטורעמצײַט. 4. צעהוליען זיך; זיך מער ניט אײַנהאַלטן. אַ, זיך אין טאַנץ. ,,עס קומען די טאַטעס די שטרענגע, די שטילע... און ווערן באלד פֿריילעך און לאָזן זיך אויך

מיט די שטיפֿערס אַוועק“, סעג, אין קאַזמערזש. 'דער ריקוד האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פֿולער פּאַרע„, נ. גאָרדאָן, טמז, 9 1958 X. אַ, זיו אויף (אין) שלעכטע וועגן.

91

אַוועקלאָזעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקלאָזן (זיך).
אַוועקלאָזער — דער, ־ס. 1. ווער עס לאָזט אַוועק, גיט דערלויבעניש אַוועקצוגיין. 2. ווער עס לאָזט אין גאַנג אַ מאַשין. „אָן דעם אַ,
א□ □ □ □טכ□ □ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
ע ע די ט ניט אָנהייבן„.
— ק נ
אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקלאַטכענען. אַ שטיליטשקע אַ,.
אַוועקלאַטכע(נע)ן — טרוו. לאַטכע(־כן) אַוועק, ~געלאַטכע(־כנ)ט. דזוו אַוועקלקחענען. „דעם קוגל האָט אַוועקגעלאַטכנט אָט טאַקע מײַן באַרבאָסקע [הונט]„, פּרוג, 'אַ באָבעמעשׂה פֿון משיחס צײַטן'. „אַ, די יאָלדעווקע“ [= כלה], אבג, דעקטוד.
אַוועקלאַטכער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס.

ווער עס גנבֿעט, לאַטכנט אַוועק (געוויינטלעך ווענגן קליינע גניבֿות).

אַוועקלאַטען — טרוו. לאַטע אַוועק, ~ געלאַטעט. אויספּאַרריכטן; ◻.יגן אַלע נייטיקע לאַטעס. אַ, דעם דאַך, ס'זאָל ניט אַריַינרינען אין שטובֿ.

אַוועקלאַטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקלאַטען. „קומט דער חודש אלול הייבֿט זיך אָן אַן אַ.: אַוועקלאַטען דעם דאַך, די שטיוול, די וואַרעמע וועש“.

אַוועקלאָטערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~ געלאָטערט. אַוועקנאַרן; אַרויסבֿאַקומען דורו כיטרעקייט, שווינדל. אַ, עפּעס פֿון עמעצן, אַז יענער זאָל ניט אָנהייבֿן צו וויסן.

אַוועקלאַכן — לאַך אַוועק◻ ~געלאַכט. אוטוו — אָנהייבֿן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט לאַכן. וויינען און קלאָגן און מיטאַמאָל אַ, אַז ס'זאָל דורכגיין אַ פֿראָסט איבֿער די ביינער. טרוו — דורך לאַכן מבֿטל מאַכן. אַ, אייגענע ווייטיקן.

אַוועקלאַכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רע◻דלטאַט פֿון אַוועקלאַכן. אַן אַ, אויף צעשפּרונגען צו ווערן.

אַוועקלאָמען — [ו אין דרום־דד] אוטוו. לאָם אַוועק, ~געלאָמט. אַוועקהינקען. אַ, אויף איין פֿוס, אויף פֿאַרקריפּלטע פֿיס.
אַוועקלאָמען — טרוו, דריטפּערזאָניק. ־מע אַוועק, ~געלאָמעט. סל. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט צו ברעכן די גלידער, פֿאַרשאַפֿן ווייטיק. „דער רעמאַטעס לאָמעט מיך אַוועק", רייד. אַלע פּערזאָנען. אַוועקקלאַפּן מיט אַ לאָם. אַ, אײַז.
אַוועקלאָמען זיך — אוטוו. ־מע זיך אַוועק, זיך ~געלאָמעט. סל. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אָפּשפּעטן, חוזק מאַכן. אַ, זיך פֿון (איבער) עמעצן. 2. מאַכן אָנשטעלן, פּאַיאַצעווען, שפּילן דעם נאַר.
אַוועקלאָמעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער ווייטיק אין גלידער (ווי בײַ רעוומאַטיזם). 2. דאָס אַוועקהינקען.
אַוועקלאמרן — [...ליימערן] טרוו. לאמר אַוועק, ~געלאמרט. אָנהייבן צו ריידן נאָו אַ צײַט פֿון אײַנהאַלטן זיך (געוויינטלעך וועגן זאַכן וואָס לוינט זיך אָדער מע דאַרף האַלטן בסוד). זײַן שטום ווי אַ פֿיש און נאָך דעם אַ, אַלץ, שיטן פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער.
אַוועקלאַנגווײַליקן — טרוו. ־ליק אַוועק,

אַוועקלויבן

~געלאַנגוויַליקט. נעאָל. מאַכן לאַנגוויַליק, פֿאַרטרײַבן דורך (מיט) לאַנגוויַליקייט. אַ, דעם עולם. מיט ז י ך , אוטוו — זיך לאַנגוויַליקן אַ לענגערע צײַט. זיך אַ, דעם גאַנצן זומער אין דער פּראָווינץ.

אַוועקלאַסקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געלאַסקעט. סל. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגער לצײַט צערטלען. זידלען און דערנאָך אַ,.

אַוועק אָפּטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געלאָפּטשעט. אַוועקפּרעסן, אַוועקזויפּן אע.

אַוועקלאָפּנ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע אַוועק, ~געלאָפּנ(י)עט. סל. אַוועקפּלאַצן; צעפּלאַצט ווערן.

לאַפּ — טרוו ־פּע אַוועק, ~ געלאַען .

קללה: זאָלסט (מיר) אַ,!

אַוועק

פּעט. סל. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט גראָב באַטאַפּן מיט די הענט. וואול. 2. אַוועקגנבֿענען.

אַוועקלאַפּקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק,

~געלאַפּקעװעט. סל. איבערקויפֿן מיט
כאַבאַר, שמירגעלט.
אַװעקלאַקירן — טרוו. ־קיר אַװעק, ~(גע)־
לאַקירט. 1. באַדעקן מיט לאַק, אויסלאַקירן.
אַ, מעבל. 2. באַזײַטיקן עפּעס, מאַכן ניט
קאָנטיק אַ דעפֿעקט דורך לאַקירן. אַ, וואָס
ס'איז אָפּגעריבן. 3. באַפּוצן מיט פֿאַלשן
גלאַנץ. אַ אַ ליטעראַריש ווערק.

,

אַװעקלאָקן 1 — טרוו. לאָק אַװעק, ~
געלאָקט. אויך מיט ז י ך. מאַכן לאָקן,
או רדי אָק 11 — טרוו. ר, דעם קאָפּ האָר.
עק אָק אָװעק, ~
גען אוי די האָר. אַ, די ה

לאָקט. דטשמ. דזוו אַװעקלאָקערן, ורנו. „די
גויאישע וועלט האָט אים אַװעקגעלאָקט פֿון
אונדז“. „...גיט געלט, פֿאַרשידענע
צוזאָגענישן...אַלץ כּדי זיי צוריק אַװעקצולאָקן קיין

פוילן", היימיש, דעצ, 1959.
אַוועקלאָקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געלאָקעט. אוקר. דזוו אַוועקזשליאָקען ←.
אַוועקלאָקערן — ־קער אַוועק, ~געלאָקערט.
אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט נאָכקוקן, נאָכשפּירן. אַ נאָך עמעצן. טרוו —
,
אָפּציִען פֿון פֿריִערדיקס און צוציִען צו עפּעס אַנדערס; אַוועקמאַניען. אַ, עמעצן מיט שיינע צוזאָגן.
אַוועקלאָרבערן — טרוו. ־בער אַוועק, ~ געלאָרבערט. 1. צוגעבן לאָרבערבלעטער בײַם מאַרינירן. אַ, די פּאַס אוגערקעס. 2. נעאָל. אָפּגעבן עמעצן גאָר גרויס כּבֿוד; (אַזוי ווי) באָקרוינען מיט לאָרבערבלעטער. אָפּט איר.
אַוועקלאַשטשען — טרוו. ־שטשע אַוועק, ~געלאַשטשעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט צערטלען, גלעטן. צוערשט אויספּאַטשן און דערנאָך אַ'. מיט ז י ך — קזוו.
אַוועקלהכעיסן — [...לעהאַ'כעסן] טרוו. להכעיס אַוועק, ~געלהכעיסט. אויך מיט ז י ך. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט ריידן, טאָן צו־להכעיס, אַזוינס וואָס זאָל דעם אַנדערן דערצאָרענען. אַ, זיך פֿון העלער הויט.

אַוועקלוזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~
געלוזשעט. סל. אָננעצן; מאַכן אַ (קאַ)לוזשע, ריטשקע. „דאָס קעלבל האָט אַוועקגעלוזשעט אַ גאַנצע ריטשקע אין מיטן שטובֿ“.

אַוועקלויבן — טרוו. לויב אַוועק, ~געלויבט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט לויבן, לייגן

אַוועקל□יבעניש

שבֿחים, אויסדערציילן די מעלות. אַ, אין הימל אַרײַן.

אַוועקלויבעניש — דאָס (ד□), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקלויבן.

אַוועקלויזן — טרוו. לויז אַוועק, ~געלויזט. מאַכן ברייטער, לויזער אַ מלבוש (שנײַדערײַ). אַ, די הויזן אין גאַרטל.

אַוועקלויטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~געלויטערט. דזוו אַוועקלײַטערן ←.

אַוועקלויכטן — אוטוו. לויכט אַוועק, ~געלויכט, ~געלויכטן. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שיקן ליכט־שטראַלן. אַ, אין דער ווײַט.

אַוועקלויכטעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקלויכטן. אַ, פֿון שטערנס וואָס זײַנען שוין אונטערגעגאַנגען.

אַוועקלויערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקלויערן.
אַוועקלויערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~ געלויערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט נאָכשפּירן, נאָכקוקן באַהאַלטענערהייט, פֿאַרשטעלטערהייט (געוויינטלעך כּדי אָנצופֿאַלן). אַ, נאָך רויבֿ.
אַוועקלויף — דער, ־ן. אַקט פֿון אַוועקלויפֿן. „...און אַ פֿורל...האָט שוין אויף איינעם פֿון אָט די וועגן געהאַט געטראָגן איר שמײַדיקן אַ'", בערג, אָפּגאַנג.
אַוועקלויפֿן — אוטוו. לויף אַוועק, בין ~ געלאָפֿן. [האָבֿ אין לר: גראָדנע, דווינסק, ביאַליסטאָק און אומג,]. 1. פֿאַרלאָזן דאָס אָרט אין אײַלעניש, לויפֿנדיק אָדער מיט גיכע טריט. „ווי דער אָרעמאַן האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר צו זען ווער עס איז, אַזוי זײַנען זיי אַוועקגעלאָפֿן", לט2, 1/38. 2. אַנטרינען, זיך ראַטעווען פֿון אַ סכּנה. אַ, פֿון אַרמיי, פֿון פֿראָנט. „און די איבֿרגי יהודים... זענין געך אַוועק גלפֿין אויש דער מדינה, מן הט ניט געבֿן צײַט זולן צו הוף נעמן זייער הבֿ אונ גוטץ", שי, ל/בֿ. „און די רײַכע לויפֿן מאַסנווײַז אַוועק. מײַז פֿון שיפֿבֿרוך, ערשטע אין דעם

שמד“, אַל 3 .III. פֿאַרשווינדן, נעלם ווערן;
זיך אויסבֿאַהאַלטן. „לפֿט איינר אַוועק אונ
זעצט אָן, שטילט עש ניט תּוך חצי שנה, הוט
ער זיין חזקה פֿר לוירן אויף ג, שנים„, תּקק.
„אבֿיר דוא גירעכטיר גאָט, דוא האָשט מיר
גוויזין אונ ווײַזט מיר נאָך דאָז איך פֿאַר
דיין צאָרין רוט ניט הין ווערקלאָפֿין קאַן„, גה,
307. „ווען זיא פֿר זיך דז קלייני ספֿר ווערט
האָן, אזו ווערט דער מלמד גיצוואונגן זיין
איינש צו קויפֿן, אנדרשט מוז ער מיטן אין
זמן אַוועק לויפֿן„, מ▯ 4 .t. גיין עפּעס טאָן
אָן שהיות, אָן איבֿערקלערן (
אויפֿגערעגטערהייט). „אויף מאָרגן מאַך איך ניט קיין
שהיות
און לויף אַוועק צו אַלבֿערטן„, ממוס, 'בּישיבֿה
של מטה'. „דאָס האָט אים אַזוי אַרײַנגעבֿראַכט
אין כּעס אַז ער איז אַוועקגעלאָפֿן אין הויף
און געמסרט„, ליטוו. 5. זיך ענדיקן, קומען
צום סוף. „דער זומער לויפֿט אַוועק, געל
ווערט וואָס גרין“, ממוס, שירה. פֿפֿ: אַ, ווי אַ
פֿאַרסמטער, פֿאַרסמטע מײַז, ווי אונטערגעשאָסן.
אַוועקלויפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקלויפֿן. אַן אַ, פֿון
זיך אָליין.

אַוועקלויפֿער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לויפֿט אַוועק. די אַ'ס פֿון (אַרבעט־
פֿראָנט.
אַוועקלויפֿעריַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אַוועקלויפֿן.
אַוועקלוסקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געלוסקעט. 1. אַוועקשיילן שאָלעכץ. אַ, ניס,
יאָדערן. 2. אַוועקשאָבן שופּן פֿון פֿיש. אַ,
יש.
אַוועקלופּען — טרוו ־פּע אָוועק, ~
געלו
פּעט. סל. 1. אַראָפּציִען (הויט, קאָרע);
אַוועקהאַקן. אַ, די פֿעל פֿון אַ נבֿילה. אַ, די
קאָרע פֿון אַ בוים. 2. אַוועקקאַלופּען. אַ, קאָרע.
אַוועקלופֿטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~
געלופֿטערט. דזוו אויסלופֿטערן ←.
אַוועקלושטשען — טרוו. ־שטשע אָוועק,
~געלושטשעט. אָפּרייניקן ביזן סוף פֿון
שאָלעכץ, קאָרע. ← אַוועקלוסקען בֿ1. אַ, באָב.
אַוועקלושען — דזוו אַוועקגלושען ←.
אַוועקליאָדעווען — טרוו. ־דעווע אַוועק,

~געליאָדעוועט. אַוועקלייגן אויף אײַז. אַ,
פֿלייש, ס'זאָל ניט קאַליע ווערן.
אַוועקליאַלי — רוו ־ליע אַוועק, ~
גען .
ליאַליעט. אויך: ~ יאַלקעווען. באַפּוצן,
אויספּוצן אַזוי ס'זאָל אויסזען ווי אַ ליאַלקע.
אַ אַ שטיקל אַרבעט.
,
אַוועקליאַמעווען — טרוו. מעווע אַוועק,
~געליאַמעוועט. 1. ביזן סוף באַדעקן מיט
ליאַם. אַ, די דרויסנדיקע טיר אויפֿן ווינטער,
ס'זאָל ניט אַרײַנבלאָזן די קעלט. 2. באַזוימען
קליידער מיט טאַשמע, בענדל. אַ, אַ קליידל.
אַוועקליאָסעווען — טרוו. ־סעווע אַוועק,
~געליאָסעוועט. ענדגילטיק וואַרפֿן אָדער
ציִען גורל. אַ, עפּעס פֿאַר אַ גראָשן און
געווינען פֿאַר אַ זלאָטע.
אַוועקליאַפּטשען — טרוו. ־טשע אַוועק,
~געליאַפּטשעט. במקום־וואָרט פֿאַר
פֿאַרשיידענע ווערבן מיט אַ וו ע ק פֿאַר
טואונגען אויף אַ גראָבן, מגושמדיקן אופֿן:
אַוועקכליאָבען, אַוועקפֿרעסן אע; אַוועקקלאַפּן,
אַוועקהאַקן אע.
אַוועקליאַפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~גע.

ל אַפּעט. בּמקום־וואָרט פֿאַר אַ גרויסער צאָל
ל
ווערבּן מיט אַ וו ע ק פֿאַר טואונגען אויף
אַ שלעכטן, פֿאַרטאַטשישן אופֿן: אַוועקגיסן;
אַוועקשמירן, אַוועקפֿאַרבּן אע; אַוועקזאָגן אע.
אַוועקליאַקירן — דזוו אַוועקלאַקירן ←.
אַוועקליאַרעמען — אוטוו. ־רעם אַוועק,
~געליאַרעמט. 1. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע
צײַט ליאַרעמען, טומלען. אַ, אין דער
שטילקייט פֿון נאַכט. 2. פֿאַרלאָזן דאָס אָרט מיט אַ
ל אַרעם. „די וועגענער ל אַרעמען אַוועק מיטן
ל ל

טראַקט“.
אַוועקליבּן זיך — קזוו. ליבּ זיך אַוועק, זיך
~געליבּט. ליבּן זיך אַ לענגערע צײַט. אַ,
זיך גאַנצע פֿינף יאָר און דערנאָך זיך צעגיין.
אַוועקליבּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקליבּן זיך, געווײנטלעך איר. אַ
שנײַדערישע אַ!.
אַוועקליגן — אוטוו. ליג אַוועק, בּין ~
געלעגן (זן לר האָבּ). 1. ליגן אַ לענגערע צײַט.
„איך האָבּ ליבּ צו שוויצן און קען שעהן־לאַנג

אַוועקלייג

אַ, אין באָד אויף דער אייבערשטער באַנק,
באשעת דער גרעסטער היץ", ממוס, פּישקע.
2. זיך ניט רירן פֿון אָרט, זיך ניט באַוועגן
(וועגן אַן ענין, פּראָצעס, בקשה אע). ,,יעדער
פּלאַן וואָס ווערט פֿאַרגעלייגט, עס מעג אַפֿילו
זײַן זייער נייטיק, ליגט אַוועק ימים ושנים",
ייִפּאָל, 3 .18 1886, No. שלאָפֿן לענגער ווי
נייטיק. אַ, אין בעט ביזן מיטן טאָג. 4. אַ
לענגערע צײַט ליגן קראַנקערהייט. ,,...איז
אַוועקגעלעגן אַ היפּשע צײַט מיט אַ פֿוס,
געשוואָלן ווי אַ באַרג", ממום, ווינטשפּ. 5. זײַן
אָפּגעווײַטערט. איין שטאָט פֿון דער אַנדערער
ליגט אַוועק כּך־וכּך מײַל. 6. ליגן איו אַ
זײַט. ,,און די וועלט — זאָגט מען — איז
גרויס, זי ליגט עטלעכע שפּאַן פֿון שטעטעלע
אַוועק", דלוזשנאָווסקי פּאָר, 1957 ▯ 19.
,
7. ניט אַרויסלאָזן פֿון האַנט; ניט פֿאַרקויפֿן;
שטאַרק קאַרגן. אַ, אויפֿן גראָשן, אַ, אויף אַ
שפּײַכלער תּבֿואה.
אַוועקליגנערן — טרוו. ־נער אַוועק, ~

געליגנערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זאָגן ליגנס. אַ, יעדער וואָרט פֿונעם ערשטן גוט־מאָרגן.

אַוועקליגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקליגן ◻ אָפּט מיט ביטול). אַן אַ, ווי אין אַ שפּיטאָל.

אַוועקלידלען — טרוו. ־דל אַוועק, ~ געלידלט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זינגען אָדער מאַכן לידלעך. איר. אַ, גראַם־שטראַם. אַ, ווי אַ בדחן.

י

אַוועקליובען — טרוו. ־בע אַוועק, ~ געליובעט. פּטמ. זיך פֿאַרליבן אָדער אַ לענגערע צײַט זײַן פֿאַרליבט, צערטלען. מיט ז י ך — קזוו. דזוו אַוועקליבן זיך ← (אָבער מער אַרויסגעהויבן דאָס צערטלען). אַ, זיך ווי טײַבעלעך.

אַוועקליובעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקליובען (זיך).

אַוועקליווערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקליווערן. אַן אַ, פֿון סחורות.

אַוועקליווערן — טרוו. ־ווער אַוועק, ~ געליווערט. אַוועקשיקן, טראַנספּאָרטירן ערגעץ.

אַ, סחורה, באַשטעלונגען.

אַוועקליוליען — טרוו. ־ליע אַוועק, ~געליוליעט. 1. פֿאַרוויגן, פֿאַרליוליען; אײַנשלעפֿערן מיט ליו־ליו. אַ, דאָס עופֿעלע. 2. אַ לענגערע צײַט וויגן, אײַנשלעפֿערן. אַ, אַ שעה און ניט פֿאַרליוליען.

אַוועקליולקע(ווע)ן — ־קע(ווע) אַוועק, ~געליולקע□ווע)ט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט רייכערן, פּיפּקען אַ ליולקע. אַ, און זיך פֿאַרטראַכטן. טרוו — אויסרייכערן. אַ, אַ וואָגן טאַבעק.

אַוועקליטעראַטעווען — אוטוו. ־טעווע אַוועק, ~געליטעראַטעוועט. נעאָל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט ריידן אָדער שרײַבן אויף אַ כמו־ליטעראַרישן שטייגער, איר. אַ, אָן טאַלאַנט. אַ, ווי פֿון אַ ביכל אַרויס.

אַוועקלייג — דער. טצ נב. אַקט פֿון אַוועקלייגן. דער אַ, פֿון פּראָדוקטן. „...מאַכן דעם תּלמיד פֿאַר אַ מקבל...דאָס מאָנט אַ געוויסן אַ, פֿון משפּיע צום מקבל“, לדב.

אַוועקלייגונג

אַוועקלייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אַוועקלייגן. די אַ, פֿון אַ יסוד.
אַוועקלייגן — טרוו. לייג אַוועק, ~געלייגט.
1. בּרענגען אין אַ פּאָזיציע פֿון ליגן. אַ, דאָס
בּוך אויפֿן טיש. אַ אַלע זאַכן אין אָרדענונג.

,

„דער פֿעטער האָט מיך אַוועקגעלייגט אויף
די קני, גוט אָפּגעשמיסן“, י. קאַצאָוויטש. *אַ,
פֿאַר די אויגן = א) עפּעס אויסלייגן מע זאָל
גלײַך, בּולט דערזען; בּ) בּרענגען קלאָרע
בּאַווײַזן, ראַיות. אַ, די קאָרטן אויפֿן טיש

.

= זיך ניט אויסבּאַהאַלטן מיט עפּעס; זאָגן, טאָן
אָפֿענערהייט. אַ, דעם טאַטן = זיך
אונטער.

שרײַבּן [וואָרעם מע גיט אָן דעם פֿאָטערס
נאָמען, פּלוני בּן פּלוני, אָדער פֿאַמיליע־נאָמען].
2. לאָזן ליגן אַ לענגערע צײַט; פֿאַרגרייטן,
אָנגרייטן. אַ, תּבֿואה אויף דעם גאַנצןווינטער.
אַ, עפּעס יעדע וואָך אין שפּאָרקאַסע (בּאַנק).
אַ, די סחורה בּיז דער פּרײַז וועט שטײַגן.
אַ אַ קניפּל = אָפּשפּאָרן געלט און עס

פֿאַר. ,
באַהאַלטן, ניט אויסזאָגן. אַ, געלט אויף
פּראָצענט. „ער נעמט זיך אויף צו לעבן...קעסט
געבן אויף קהלס חשבון און נאָך אַ", צעד.
3. לאָזן ליגן אויף שטענדיק; אויפֿשטעלן,
איינשטעלן. אַ, אַ יסוד, אַ פֿונדאַמענט. אַ, אַ
הנחה, אַ פּרינציפּ. אַ, אַ חתימה; אַ, אַ שטעמפּל.
4. לאָזן אין אַ זײַט; אָפּקערן זיך פֿון
עפּעס; זיך מער ניט פֿאַרנעמען מיט עפּעס. אַ,
אַן אַרבעט. אַ, חזנות, די מלאָכה. אַ,
נאַרישקייטן, שטיפֿערײַען. *אַ, די נאָדל (שער און
אײַזן)=זיך ניט פֿאַרנעמען מער מיט שנײַדערײַ.
אַ, די טעפּ = מער ניט אַרבעטן אין קיך. אַ,

.

דעם בעזעם = מער ניט קערן, אאַזוו. „

קענשטו צו אים זאָגן לז זאָל דעם שטות אַוועק
ליגן„, עיון, 2/24. „דערווײַל לאָמיר אַ, דעם
חכם. מיר וועלן אָנהייבן דערציילן פֿון דעם
תּם„, נחב פֿון אַלע געשעפֿטן אַן עק און די

. „

אַרבעט לייגט מען אַוועק„, ממוס, 'זמירות'.
„דער קאָסטאָמער טוט אַ קוק...לייגט צונויף
דעם פּייפּער און לייגט אים אַוועק אויפֿן זעלבן

אָרט וואו ער איז געלעגן“, שע [זײַן לעצטער זאַך]. „מע דאַרף אַ, פֿאַרשטאַנד לגבי העכער פֿון פֿאַרשטאַנד„, לדבֿ. אַוועקגעלייגט אין דער
.

זײַט = זיך ניט גערעכנט מיט עפּעס, ניט געקוקט אויף עפּעס. „אַוועקגעלייגט אַלע מעלות אין דער זײַט, לעבן דאָך ייִדן אָפּ אַ וועלט מיט בטחון אַליין“, ממוס, מסעות. אַ, דעם כּבֿוד (יחוס) אין אַ זײַט (אויף נאָך
.

שבֿת) = א) זיך נעמען צו פּשוטער אַרבעט; ב) אַרויסקומען מיט עפּעס וואָס קען אָנרירן דעם אייגענעם אָדער אַ צווייטנס כּבֿוד. *אַ, די חרפּה (בושה) = בעטן, טאָן עפּעס וואָס מע האָט פֿריִער זיך געשעמט דערמיט. אַ, דאָס

געווער = זיך אונטערגעבן, קאַפּיטולירן. *אַ, דעם (די) לעפֿל = שטאַרבן. אַ, די ציין אויף דער פּאָליצע = ניט האָבן וואָס צו עסן.

5. טאָן מיט התמדה; אויסניצן אַלע
מעגלעכקייטן; פֿירבּרענגען, אַרויסבּרענגען עפּעס אויף
אַן עפֿעקטיוון אופֿן. אַ אַ דרשה, אַ דאַווענען.

אַ אַ קשיא וואָס איז שווער צו פֿאַרענטפֿערן.

אַ אַ גאַנצע מגילה מיט טענות; אַ אַ
מענה.

לשון. אַ, אַזאַ תּירוץ אַז מע זאָל אַנטשטומט
ווערן. *אַ, די בּוחות (דאָס געזונט, דאָס האַרץ,
דאָס לעבּן, לײַבּ און לעבּן) = אַרבּעטן איבּער

די כּוחות לטובֿת עפּעס אָדער עמעצן. אַ,
לשון = אַרויסקומען מיט (אָפֿענע, גראָבּע)
רייד, מיט טענות. „און מיר האָבּן פֿאַר די
פּאַסאַזשירן אַוועקגעלייגט אַ כּל־נדרי, וואָס זיי
וועלן אים האָבּן צו געדענקען אויף דור־
דורות“, שע, מאָטל. „אויף די פֿאַנטאַסטישע...
בּלומען...האָט דער פֿראָסט זײַן גאַנצן טאַלאַנט
אַוועקגעלייגט,,, אר. „די שול איז דאָס
איינציקע...וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַ לעגענדע וועגן

אירן אַ היילִיקן אַוועקגעלייגט,,, נס. ,,אַזוי פֿיל יאָר אַוועקגעלייגט דאָס געזונט אין דער ליטעראַטור...געאַרבעט איבער די כּוחות", ממוס, ספֿר הבהמות. ,,...זיך אויסגעדרייט צום ווייַב אַ צדפֿרידענער וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אַ ביסל לשון", אָפּאַ, היברו.

6. קראַנק מאַכן; בײַקומען, באַזיגן; אַוועקהרגענען. די שווערע פּראַצע לייגט אים אַוועק. אַ, די אַנדערע חדר־ייִנגלעך, דעם יונג אויף די לאָפּעטקעס. *אַ, (אויף) קאַלט = דערהרגענען (בײַ אַ געשלעג). ,,וויפֿל יהודימקינדער האָט מען דעם זומער געטאָן אַ,", מעעtה אומן. ,,איין זון האָט מען אים אַוועקגעלייגט אין דער מלחמה,,, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. ,,די ניט־זיכערקייט מיטן מאָרגן האָט זיי ביידע אין די עטלעכע יאָר אַוועקגעלייגט", ב. מילער, זאַמלונגען, 12. אַוועקלייגן אַ הון = שעכטן אַ הון (לובלינער קרײַז; גאַליציע). ← אַוועקמאַכן, טרוו, ב 8. קללה: ווערט ער אַוועקגעלייגט! ווער אַוועקגעלייגט און בלײַב ליגן! = ווער דערהרגעט. *אַ, אויף כשר = שעכטן לויטן דין. ,,עטלעכע פּגירות שיקט מען געשווינד אין שעכטהויז אַרײַן און מע לייגט זיי אַוועק אויף כשר", אבג, גלגול.

7. מקריבֿ זײַן. „פֿאַר וועמען בין איך איצט באַרייט געווען אַוועקצול□יגן, מקריבֿ זײַן מײַנע טעג, מײַנע יאָרן, מײַן גאַנץ לעבן? פֿאַר וועמען?“, ממוט, קליאַטשע. „און אַז דער מענטש האָט שוין יאָ אַוועקגעלייגט אַזוי פֿיל קרבנות, זיך דערשלאָגן צו אַ קולטור — וואוהין פֿירט זי?“, אָפּא, טענצערין.

8. (מיט אַן אָנווײַז אויף צײַט) אָפּגעבן אַ באַשטימטע צײַט בדי עפּעס צו טאָן אָנגעשטרענגט. אַ, אַ יאָר צו פֿאַרענדיקן אַ בנין. אַ, אַ פּאָר שעה אויפֿצורוימען די שטוב. „לייגט אַוועק אַ טאָג שווערע אַרבעט אין דער ישיבֿה“, טמז, 8 □ 1960 III.

9. אָפּווענדן, אָפּציִען; צונעמען, אַרויסקריגן. א, עמעצן פֿון דער קראָם פֿון דער פּרנסה.

—

,

„דאָס יוד, פֿאָלקסבלאַט האָט די לײַט גאָר אַרועקגעלייגט פֿון דער פּרנסה, [ער] איז אַוועקגעפֿאָרן מיט דעם [מיט] וואָס ער איז געקומען“, ייִפֿאָל, 1882, No 1O.44. אָפּשפּאָרן [בינדט זיך מיט די בבֿ 3־4]. „...,וועט איר שוין געפֿינען אַ וועג ווי אַוועקצולייגן אַ דאָלאַר“, פֿאָר, 4 1960 XII.

אַוועקלייגן — טרוו. לײַג אַוועק, ~געלײַגט.

-

אָנהייבן אַדער אַ לענגערע צײַט זאָגן ליגנס.
אַ אַ ליגן הגדול והנורא.

,
אַוועקלייגן זיך — ← אַוועקלייגן.
1. אָנהייבן (און) ליגן (אַ לענגערע צײַט);
קראַנק ווערן. זיך אַ, מיט טיפוס אויף דרײַ
וואַכן. "אַז דו ווילסט זײַן אַ חכם,
איבערקלערן, שטעלן קלאָץ־קשיות...טאָ נעם לייג

אַוועקלײַטערן

זיך אַוועק און שטאַרב", ממנס,
שטורעמצײַט. 2. אָפּקערן זיך, אָפּווענדן זיך. „איך
האָב מיך טאַקע אַוועקגעלייגט פון אַלע עסקים
און זיץ נאָר אין בית־מדרש און לערן„, יפּ.
3. זיך אונטערגעבן, רעזיגנירן. זיך אָ, פאַרן
שטאַרקן. 4. זיך אײַנשטעלן, זיך שטאַרק
אָננעמען פאַר עמעצן (עפּעס). „וואָלט איר
באַדאַרפט זען ווי דער מענטש האָט זיך דאָס
אַוועקגעלייגט פאַר מיר", שע, 'די עצה„.
5. אָנזעצן זיך, שטאַרק צושטיין. זיך אַ,
אויף עמעצן (ווי אַ לאַסט). 6. זיך מקריב
זײַן; זיך זייער שטאַרק אָנשטרענגען לטובת

עמעצן. „די גאַנצע צײַט פֿון מײַן קראַנק
זײַן האָט זיך דער ראַבּינער מיט רבֿקהלען
גאָר אַוועקגעלייגט מיט לײַבּ און לעבּן“, ייִל,
פּוילישע ייִנגל, 1895. 7. שטאַרק קלאָגן,
בּאַוויינען (און וואַרפֿן זיך צו דער ערד). אַ, זיך
נאָך אַ קינד. „וויינען, אײַנלייגן די וועלט...
לאָז די שטאָט זען מײַן אַ, זיך נאָך [דעם
ווײַבּ]“, ייִל, ספֿר הזכרונות III, אַדעס 1882.
8. אײַנעסן זיך; טיף אַרײַנדרינגען. „זאָרג לייגט
זיך אַוועק אויפֿן האַרצן“, שוו. „די גימנאַזיע
מיט דער פּיאַנע האָט זיך איר אַוועקגעלייגט
אויף די ווײַסע הענט...אַז קיין פּאָמעשאַף
וועט דאָס שוין ניט אָפּוואַשן„, דעמבּלין, צוויי
און אַ דריטער.
אַוועקלייגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקלייגן (זיך). „ס'הייבּט
זיך אָן אַן אַ, פֿון שבֿחים וואָס פֿאַרציט זיך
העט נאָך האַלבּער נאַכט„, רייד.
אַוועקלייגער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לייגט (זיך) אַוועק. אַ, פֿון ציגל. אַן
אַ'קע פֿון אַ מענה־לשון.
אַוועקליידיקן — טרוו. ־דיק אַוועק, ~
געליידיקט. אויך מיט ז י ך. 1. אָנהייבּן
אָדער אַ לענגערע צײַט מאַכן ליידיק;

אַוועקנעמען. אַ, אַלץ פֿון די שפּײַכלערס. 2. נעאָל. דורכפֿירן. פֿאַרענדיקן אַרבעט, שליחות;
דער
לײדיקן [פּרווו צו פֿאַרבײַטן דאָס לעצטע וואָרט]. "אַ, די ענינים וואָס מע האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אונדז".
אַוועקליידן — טרוו. לײַד אַוועק, ~געליטן.
לײַדן אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ לעבן געבראָטענע צרות. „ער האָט אַוועקגעליטן אַ צײַט, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט„, ייִפֿאָל, 28 1886, No.
אַוועקליידעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
-
פֿון אַוועקלײַדן.
אַוועקלייזן — טרוו. לייז אַוועק, ~געלייזט.
1. לייזן אַ סך אָדער אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ סך געלט, ניט האָבן קיין הענט פֿון פֿאַרקויפֿן. 2. אויסלייזן, באַפֿרײַען ביזן סוף. אָ, אונדז פֿון גלות. לאָקל, קיִעווער גוב..
אַוועקלייזעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). הכנסה פֿון האַנדל פֿאַרקויף. איר.
,
אַוועקלייטן — טרוו. לייט אַוועק, ~געלייט.
1. לייטן, באַהעפֿטן מעטאַלן אַ לענגערע

צײַט. 2. פֿאַרריכטן דורך לייטן. אַ, אַ
שפּאַלט, אַ לעכל. 3. דזוו אויסלייטן ←.
4. פֿאַראייניקן דרעטלעך (בײַ אַ ראַדיאָ

אַפּאַראַט, בײַ אַ מאָטאָר, בײַ . עלעקטרישע
אינ
סטאַלאַציעס).
אַוועקלייטערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~
געלײַ־־
טערט. מאַכן לויטער, ריין ביזן סוף. אַ, מעד.

אַוועקלײַטערן זיך

אַ, די געדאַנקען. אַ, זיך פֿון עבֿירות, פֿון
מחשבֿות זרות [זיך — דירעקטער אָביעקט].
אַוועקלײַטערן זיך — ← דפֿוו. אוטוו —
ווערן אינגאַנצן ריין, קלאָר. „ס'איז אַרויס
די זון און דער הימל האָט זיך
אַוועקגעלײַטערט“.
אַוועקלײַכטן — אוטוו. לײַכט אַוועק, ~
געלויכטן. דזוו אַוועקלויכטן ←.
אַוועקליימען — טרוו, אומפּ. עס ליימט
אַוועק, עס האָט ~געליימט. פֿטמ. אָנווערן
פֿעאיקייט צו באַוועגן מיט אַן אבֿר. „עס האָט

אים אַוועקגעליימט דעם רעכטן פֿוס“. פֿאַס:
„דער רעכטער פֿוס א􏰀ז אים אַוועקגעליימט געוואָרן„..
אַוועקלײַען — טרוו. לײַ אַוועק, ~געליִען, ~געליגן. 1. געבן עפּעס אויף אַ געוויסער צײַט צו ניצן, אָן באַצאָלט. אַ, אַ כלי, אַ מלבוש. אַ, עפּעס עמעצן [דאַטיוו]. „אבֿר וואו... דז מן שאַדן קענט טאָן דאָש טאָר זיא ניט אַוועק לייאן און איר מאנש רשות“, לט􏰀, 1/55.
2. געבן געלט אויף אַ געוויסן טערמין ווי אַ גמילות־חסד אָדער אויף פּראָצענט. איך לײַ דיר עפּעס. אַ, געלט ניט צוליבֿ עולם־הבא וועגן. 3. פֿטמ. קריגן צו לײַען, נעמען אַ הלוואה. אַ, עפּעס בײַ עמעצן.
אַוועקלייעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקלייענען.
אַוועקלייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
􏰀־
פֿון פֿילמאָליקן (געדויערדיקן) אַוועקלײַען.
אַוועקלייענען — טרוו. לייען אַוועק, ~ געלייענט. 1. לייענען אַ לענגערע צײַט. אַ, ביכער דורך די טעג און נעכט. 2. לייענען ניט גוט, מיט שוועריקייטן (מחמת עם־הארצות, קנאַפּער

עבֿרידיקייט). אַ, אַ מגילה און זיך צעבֿרעכן
די ציין.
אַוועקלייקענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקלייקענען.
אַוועקלייקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פֿילמאָליקער פּראָצעס פֿון
אַוועקליי
קענען.
אַוועקלייקענען — טרוו. ־קן אַוועק, ~
געלייקנט. קאַטעגאָריש אָדער אַ לענגערע צײַט
לייקענען, ניט צוגעבֿן, ניט מודה זײַן. *אַ,
שטיין און בֿיין = אַלץ.
אַוועקליכ(ע)ווען — טרוו. ־כ(ע)ווע אַוועק,
~געליכ(ע)וועט. סל. אויסגעבֿן איבֿער קראַנק
זײַן פֿאַרקרענקען. קללה: זאָלסט אַ, וואָס
'
דו האָסט צוגעזלט. אַ, אויף דאָקטוירים.
אַוועקלינדערן — טרוו. ־דער אַוועק, ~
געלינדערט. בֿיזן סוף מאַכן לינדער (גרינגער,
מילדער). אַ, עמעצן [דאַטיוו] די צרות.
אַוועקליניע(ווע, נע)ן — טרוו. ליניע(ווע)
אַוועק, ~געליניע(ווע)ט. דזוו אויסליניעווען ←.
אַ, דעם גאַנצן בויגן פּאַפּיר.
אַוועקליניען — אוטוו. ליניע אַוועק, ~

געליניעט. סל. אויך מיט ז י ד. 1. אָנהייבּן אָדער בּיזן סוף פֿאַרלירן די האָר (וועגן בּהמות, חיות) פֿעדערן (וועגן עופֿות פֿייגל).
שבֿועות, ,
צײַט האָט די קו אַוועקגעליגיעט. 2. אָנהייבּן אָדער בּיזן סוף פֿאַרלירן דעם קאָליר, אָפּקריכן. דער מלבּוש ליניעט אַוועק אויף דער זון.

94

אַוו▯ ▯לינק▯ץ
— דאָס, ־ן. דאָס נייגן זיו
ליניר — דזוו אַוועקליניע(ווע, נע)ן.
אָוו
אויף לינקס (פּאָליטיש), איר. דאָס אַ, פֿון בּאַלעבּאַטישע קינדער.
אַוועקלינקען — לינק אַוועק, ~געלינקט.
אוטוו — אַוועקקערן זיך אויף לינקס; פֿאַרקירעווען פֿון וועג אויף לינקס. טרוו — אַוועקשלאָגן, אַוועקדרייען אַ בּיין פֿון שלאָס. אַ אַ פֿוס, אַ האַנט.
,
אַוועקלינקען זיך — אוטוו. לינק זיך אַוועק,
ז▯קלינק▯

יש — דאָס (די), ־ן.

געדויער~געט .נ ט. דזוו אויטלינקען זיך ←.

אָוו

דיקער אָדער פֿילמאָליקער פּראָצעס פֿוו

אַוועקלינקען (זיך).

אַוועקליעטשען — טרוו. ליעטשע אַוועק,

~געליעטשעט. סל. היילן אַ לענגערע צײַט.

אַ אַ חולה. אָפּט מיט ז י ך.

,

אַוועקליעפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~

געליעפּעט. סל. אַוועקקלעפּן, אַוועקמאָדעלירן.

אָפֿט איר.

אַוועקליפֿערן — דזוו אַוועקליווערן ←.

אַוועקליציטירונג — די, ־ען. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקליציטירן.

אַוועקליציטירן — טרוו. ליציטיר אַוועק,

~געליציטירט. פֿאַרקויפֿן פֿון אויקציאָן. אַ,

אַ הויז פֿאַר חובֿות.

אַוועקלישטשען — דזוו אַוועקלושטשען ←.

אַוועקלעבן — לעבֿ אַוועק, ~געלעבט. אוטוו

— לעבן אַ לענגערע צײַט. „טאַקע גאָר עפּעס

וו אַן אַלטער וואָס וואָלט אַוועקגעלעבט

י

מתושלחס יאָרן„, ממוס, שלמה. „[מע] לעבט

אַוועק אַזוי לאַנג ביז [מע] לעבט זיך אַליין
איבער“, בצג, טמז, 22 1954 I. טדוו —
פֿאַרניצן, אויסגעבן פֿאַרטאַכלעווען. אַ, די
,
גאַנצע ירושה אין איין יאָר.
אַוועלעבעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקלעבן.
אַוועקלעכערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~
געלעכערט. דזוו אויסלעכערן ←. *אַ, דעם קאָפּ
= צושטיין מיט טענות, מיט געשרייען.
אַוועקלעכצן — אוטוו. לעכץ אַוועק, ~
געלעכצט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט לעכצן, שטאַרק באַגערן, וועלן
דערגרייכן. אַ, נאָך אַ קינד, נאָך אַ מקום־מנוחה.
אַוועקלעכצעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער, פֿילמאָליקער פּראָצעס פֿון
אַוועקלעכצן.
אַוועקלעסטערן — טרוו. לעסטער אַוועק,
~געלעסטערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע
צײַט לעסטערן, מחלל זײַן, פֿאַרשוועכן. אַ,
אַלץ וואָס איז הייליק.
אַוועקלעקן — טרוו. לעק אַוועק, ~געלעקט.
אַראָפּנעמען, אַוועקנעמען דורך לעקן. אַ,
צוקער פֿון אַ קיכל. „די קו לעקט אַוועק בלוט

מיט זאַלץ פֿון קעלבעלעס קערפּערל". *ווי
דער אָקס האָט עס אַוועקגעלעקט = ס'איז
פֿאַרפֿאַלן, ניטאָ מער!
אַוועקלעקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקלעקן.
אַוועקלערנען — טרוו. לערן אַוועק, ~
געלערנט. 1. לערנען (אַליין אָדער מיט אַ
תּלמיו) אַ לענגערע צײַט אָדער מיט התמדה.
אַ, משניות אַ גאַנץ לעבן. „שיק דיין קינדר צו

אַוועקמאָטען

לערנען אין הוכה ישיבֿות אַרײַן...ווען זיא
גלײַך דער היים פֿיל גמרות גלאַט אונ, גרינג
אַוועק לערנין", עיון, 1/36. „בֿשעת איך בין
געוואָרן אַ פֿײַנער מענטש, האָבֿ איך
אַוועקגעלערנט די חכמות פֿון אַ האַנט געבֿן אַ לאָנגע,
לאַנגע צײַט", ממוס, קליאַטשע. אויך מיט
ז י ך. אַ, זיך אַ שפּראַו יאָרן און יאָרן.
2. לערנען ווײַטער, פֿאָרויס (מער ווי
אויפֿגעגעבֿן). „דער קלאַס לערנט נאָך דעם ערשטן
קאַפּיטל און ער האָט שוין אַוועקגעלערנט
בֿיזן דריטן„.
אַוועקלעשן —. טרוו. לעש אַוועק, ~געלאָשן.

דזוו אויסלעשן ←. אַ, דאָס פֿײַער איז אויוון,
אַ, דעם אויוון.
אַוועקלצעווען—[...לעצעווען] לצעווע אַוועק,
~געלצעוועט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט
אָדער אַ צאָל מאָל אויסלאַכן, חוזק מאַכן פֿון
אַ פּערזאָן אָדער פֿון אַן ענין. אַ, פֿון דער
דיסקוסיע; אַ, פֿון דעם פּאַרשוין. טרוו —
אינגאַנצן מבֿטל מאַכן דורך לצנות. אָ, דעם
גאַנצו ענין.
אַוועקלקהעניש — [...לאַקכעניש] דאָס (די),
־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אַוועקלקחענען.
אַוועקלקה(ע)נען — [...לאַ'קכענען] טרוו.
לקחן [לאַקכן] (אויך: לקחע) אַוועק; ~געלקחנט
(אויך: ~געלקחעט). 1. אַוועקגנבֿענען (
פֿאַרשטעלט, איר אָדער ווי אַ סינאָנים) [געווען אַ
וואָר.ט פֿון פֿאַרשטעלטן לשון, אַן אײפֿעמיזם,
בּיז עס איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אַז עס
פֿאַרשטעלט ניט מער]. "מע זאָל דאָס בײַ
אים אונטערוועגס ניט אַ'", שע, טבֿיה. 2.
אַוועקנעמען (אין פֿאַרשטעלטן לשון). ,,ווען דער
יהודי וועט ניט משלם זײַן, וועט דער אַדון
אײַך אַ, אין מקום הגדול טאַקע", ש.
בּערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו 1884.

אַוועקמאָביליזירן — טרוו. ־זיר אַוועק, ~געמאָביליזירט. מאָביליזירן און אַוועקנעמען, אָוועקפֿירן. אַ, עמעצן אין סאָלדאַטן. אַ, עמעצן צו אַן אַרבעט.

אַוועקמאָגערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~ געמאָגערט. אויך מיט ז י ו. דזוו אויסמאָגערן ←.

אַוועקמאַדז(ש)גען — טרוו. סל. מאַדז(ש)גע אַוועק, ~געמאַדז(ש)געט. ביזן סוף פֿאַרשמירן, פֿאַרפּאַטשקען. אַ, דאָס אָנגעשריבענע, די הענט.

אַוועקמאָדעלירן — טרוו. ־ליר אַוועק, ~(גע)מאָדעלירט. 1. אַ לענגערע צײַט מאָדעלירן, פֿורעמען, געשטאַלטיקן. אַ, אַ נײַע סטאַטועטקע. 2. באַזײַטיקן עפּעס בײַם (איבער)מאָדעלירן. אַ, די צו שאַרפֿע שטריכן.

אַוועקמאָזלען — אוטוו. ־זל אַוועק, ~ געמאָזלט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט מאָזלען.

אַוועקמאַזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~ געמאַזשעט. סל. אַוועקשמירן, אַוועקפּאַטשקען. אַ, די ווענט מיט קויל.

אַוועקמאָטען — ־טע אַוועק, ~געמאָטעט. סל. אוקר. אוטוו — זיך שווער אָנהאָרעווען בײַ אַן אַרבעט [וואָס מאָטעט אַוועק די קישקעס].

טרוו אַוועקפּלאָנטערן, אַוועקוויקלען. אַ אַ

.----__

,

מאָטעק פֿאָדעם.

אַוועקמאַטערן

אַוועקמאַטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~ געמאַטערט. אויך מיט ז י ך. אַ לענגערע צײַט מאַטערן, מיד מאַכן, פּײַניקן. אַ, דעם לערער מיט קלאָץ־קשיות. אַ, זיך איבער אַ שווערער אויפֿגאַבע.

אַוועקמאַטערניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקמאַטערן (זיך). אַ פֿאַרשלעפּטע אַ..

אַוועקמאָטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~ געמאָטשעט. סל. אויסווייקן, דורכנעצן. „דער רעגן מאָטשעט אַוועק ביזן ביין“.

אַוועקמאַך — דער, ־ן. אַקט פֿון אַוועקמאַכן. ל2.

אַוועקמאַכן — טרוו. מאַך אַוועק, ~ געמאַכט. 1. מאַכן אַ לענגערע צײַט. געמען פֿאַרריכטן דעם אויוון און אַ, אים ביז טיף אין ווינטער. 2. פֿאַרריכטן, מאַכן, אַז דער פֿעלער (פּגם, לאָך) זאָל מער ניט זײַן. אַ, אַ לאָך. אַ, די

צעבּראָכענע שויבּ [=אַרויסנעמען די שטיקלעך גלאָז און אַרײַנשטעלן אַ נײַע שויבּ]. 3. צו נישט מאַכן, בּאַזײַטיקן. „אַז איך בּין איך — בּין איך; חוץ גאָט קען מיך קיינער ניט אַ,“, שוו. „דען מאַן ווערט דיר ווייטיר ניקש ענפֿרין אונ, דיך פֿלוקס פֿון דיזין אורט הין וועק מאַכין“, גה, 306. 4. אַוועקרוקן, אַוועקשאַרן. אַ, האָר פֿון די אויגן. „אבּר ער העט זאלכיז ווידר אַוועק גימאכט מעל פּניו...“, 'כּ״י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. „ער האָט אים מיטן האַנט אַוועקגעמאַכט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון וואָקזאַל“, בּערג, אַרום וואָקזאַל.

5. מבֿטל זײַן, אָנווײַזן אַז עס האָט ניט קיין ווערט. „ווי דער שטייגער איז פֿון בּיתמדרשניקעס אַוועקצומאַכן יענעמס אַ וואָרט, ווײַל מע געפֿינט עס ערגעץ אין אַ שטעל בּײַ אונדזערע חכמים,„ ממוס, ,נשׂרפֿים'. אַ, מיט

.

דער האַנט = אויך: א) זיך מייאש זײַן; ניט האָבּן מער קיין האָפֿענונג אויף עפּעס. בּ) מבֿטל מאַכן; אָנווײַזן אַז עפּעס, עמעצער האָט גאָר אַ קנאַפּן ווערט. „ער האָט

אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: פֿאַרפֿאַלן!“, פּרץ, 'עלנט'. „אַזאַ גרויסער בעלבטחון וואָס מאַכט אַוועק מיט דער האַנט אַלע צרות און זאָגט: 'גאָט איז אַ פֿאָטער„,,,

ממוס, 'בישיב ה של מטה'. *ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט = ניט אונטערצושאַצן. „מאַכט ניט אַזו אַוועק מיט I.ער האַנט די השׂכּלה

י

און דעם גאַנצן פֿר ערדיקן דור,,, ממוס, ,בישיבֿה של מטה'. „אין אַמעריקע אַ שמשׂ זאָלט איר ניט אַ, מיט דער האַנט“, שע, מאָטל. 6. באַטרעפֿן, קאָסטן. אומפּ פֿטמ. עס האָט

.

אַוועקגעמאַכט אַן אוצר מיט גאָלד.

7. אומברענגען, דערהרגענען, שעכטן [ווען מע וויל די ווערטער ניט אַרויסברענגען פֿון מויל]. דער גזלן האָט אַוועקגעמאַכט די גאַנצע משפּחה. *אַ, אַן עוף = קוילען אַן עוף [מאָטיוו: „מע טאָר ניט זאָגן 'איך גיי שעכטן די הון, אַז זי זאָל הערן, ווײַל זי קען זיך בײַם שעכטן אַקעגנשטעלן“, פֿש , 280. אָדער לויט אינפֿאָרמאַציע פֿון יע: ווײַל דאָס עוף פֿאַרשטייס און האָט צער, רשומות, א, 376].

[ריבֿ ווײַזט אָן איז ייִשפּ, □□□□ X, 23, אויף

מאָטיוו פֿון צער בעלי־חיים און מאָראַלישער
אײדלקייט בײַ דעם אויסדרוק.] 8. אָפּשאַפֿן,
ליקווידירן. „...דעם מאָנאָפּאָל אויף בראַנפֿן
אַוועקצומאַכן“ פֿל.

9. במקום־ווערבֿ פֿאַר אַ צאָל טואונגען וואָס
מע שעמט זיך זיי אָנצורופֿן. „דאָס קינד האָט
שוין אַוועקגעמאַכט אין די הײַזעלעך“, רייד.
„עס פּאַסט ניט צו זאָגן אַז דער גבאי גנבֿעט,
ער מאַכט אַוועק“, רייד.
אַוועקמאַכן — אוטוו. ← דפֿוו. אַ לענגערע
צײַט טאָן, מאַכן עס זאָל זיך באַוועגן. אַ, מיט
די הענט, מיט אַ פֿוס, מיט די ליפּן. מיט
ז י ך = זיך אָפּטראָגן בשתיקה; אַוועקגיין,
אַוועקלויפֿן אומבאַמערקט. ״קאָנשטו זיא
ניט פּטרין מיט גט, מאַך דיך פֿון איר
אַוועק“, עיון, 1/60. „דאָ וואַר ער ווײַטער
געגאַנגען, דערוואַרטן ער זאָל זיך ווײַט אַ,
פֿון עשׂו“, צור, ויצא. „אַצינד איז די בעסטע
צײַ□ט אַז מיר זאָלן זיך אַ'“, שע, פֿון

כתרילעווקע.

אַוועקמאַכעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקמאַכן (זיך).

אַוועקמאַכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס מאַכט אַוועק (מיט פֿאַרשיידענע בּבֿ

פֿון אַוועקמאַכן, ספּעצ בּ8). אַדי: ־יש.

אַוועקמאַכעריי — דאָס & די, ־ען.

טן

אוגג וואָס קערט זיך אָן מיט אַוועקמאַכן (

פֿאַרשיידענע בּבֿ); שווינדלערײַ, גניבֿה.

ליעו — טרוו ־ליעווע אַוועק,

אַוועקמאָ ן .

לויצ — דזוו אַוועקמלויצען ←.

אַוועקמאַ

~געמאַליעוועט. 1. אַ לענגערע צײַט פֿאַרבֿן.

מאָלן (וועגט, סופֿיט אע). אַ, די שטובֿן אויף

פּסח. 2. בּאָזײַטיקן דורך איבערמאָלן,

איבערפֿאַרבֿן. אַ, די פֿלעקן אויף די וועגט.

אַוועקמאָלן 1 — טרוו. מאָל אַוועק, ~

געמאָלט (~געמאָלן). 1. אַ לענגערע צײַט

פֿאַרבֿן, שאַפֿן קונסטבילדער; שרײַבֿן, ריידן

אויף אַ מאָלערישן אופֿן. אַ, אַזוי אַז עס זאָל

פֿאַרכאַפּן דאָס אויג. 2. אויף גיך עפּעס

אויסמאָלן, אָפּמאָלן. 3. דורך מאָלן עפּעס באַזײַטיקן.

אַוועקמאָלן ll — טרוו. מאָל אַוועק, ~ געמאָלט & ~געמאָלן. 1. ביזן סוף אָדער (און) אַ לענגערע צײַט צערײַבן האַרטע קערפּערס אויף פּולווער, שטויב. אַ, תּבֿואה אויף מעל; אַ, שטיינער. „ווינטן און רעגנס האָבן אַוועקגעמאָלט דעם פֿעלדז„. 2. אַוועקרעדן אַ סך און גיך. אַ אַ פֿולן זאַק מיט

רייד. אַ אַזוי אַז מע זאָל ניט פֿאַרשטיין אַ וואָדט.

אַוועקמאָלעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער אָדער פּאַמעלעכדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקמאָלן.

אַוועקמאַלפּעווען — אוטוו. ־פּעווע אַוועק, ~געמאַלפּעוועט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מאַכן שטיק, נאָכמאַכן, נאָכקרימען ווי אַ מאַלפּע. „ער מאַלפּעוועט אַוועק און מיר שטאַרבן אַוועק פֿון געלעכטער„, רייד.

אַוועקמאָנדרישן — טרוו. ־ריש אַוועק, ~געמאָנדרישט. אַוועקנעמען מיט

כיטרעקייט, קונצן, המצאהלעך. אַ, פֿון פֿויער אַ זאַק קאַרטאָפֿל.

אַוועקמאָרדן

אַוועקמאַנטאַטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געמאַנטאַטשעט. סל. 1. בײַזן סוף אַרויסקריגן עפּעס דורך שווינדל. אַ, פֿון עמעצן דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג. 2. באַקומען עפּעס דורך חנפֿענען, צושטיין אאַ. אַ, פֿון עמעצן אַ גמילות־חסד. [אָפּשטאַם ← אויסמאַנטאַטשען.]

אַודעקמאָנטירן — טרוו. ־טיר אַוועק, ~(גע)מאָנטירט. אַ לענגערע צײַט און בײַזן סוף מאָנטירן, אויספֿאַרריכטן. אַ, אַ מאַשין.

אַוועקמאַנט(ש)ען — טרוו. מאַנט(ש)ע אַוועק, ~געמאַנט(ש)עט. אויך: ~ מאָנט □ ש □ ען. אַוועקנאַרן, אַוועקשווינדלען. דזוו אַוועקמאַנטאַטשען ←.

אַוועקמאַניען — טרוו. ־ניע אַוועק, ~ געמאַניעט. אַוועקנעמען פֿון אַ צווייטן און צוציִען צו זיך (אָדער אַן אַנדער אָרט) דורך צוזאָגן, אונטערקויפֿן, חניפֿה אע. אַ, פֿון אים זײַן מיידל.

אַוועקמאַניפּולירן — ־ליר אַוועק, ~(גע)־

מאַניפּולירט. אויטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מאַניפּולירן, קונציק, קלוג קאָמבּינירן. אַ, צווישן רעכטס און לינקס און אויפֿהאַלטן די רעגירונגס־מאַיאָריטעט. טרוו — צונעמען דורך מאַניפּולאַציע(ס). אַ, עפּעס פֿון עמעצן.

אַוועקמאַנעווירן — ־ריר אַוועק, ~ מאַנעווירט. אויטוו — אַ לענגערע צײַט אָדער בּיזן סוף מאַנעווירן. אַ, צווישן צוויי פֿײַערן. טרוו — דורך אַ גערעכטעלעם טאַקטישן גאַנג אַוועקציִען אַן אַרמיי־אָפּטייל פֿון אַ פּאָזיציע. אַ, דעם שׂונא פֿון בּאַרג; אַ, דעם אייגענעם פֿאָלק.

אַוועקמאָנען — טרוו. מאָן אַוועק, ~געמאָנט. 1. אַ לענגערע צײַט מאָנען פֿאָדערן. אַ אַ חובֿ בּיז(ן) אלף הששי. 2. אַרויסקריגן נאָך לענגערן מאָנען.

אַוועקמאָנעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקמאָנען. אַן אַ, אויף יאָרן.

אַוועקמאַסאַזשירן — טרוו. ־זשיר אַוועק, ~(גע)מאַסאַזשירט. 1. אַ לענגערע צײַט מאַסאַזשירן. אַ, דאָס צעקנייטשטע פּנים. 2. דורך מאַסאַזש אָפּשאַפֿן, בּאַזײַטיקן. אַ,

די שטײַפֿקייט פֿון אַ מוסקל.
אַוועקמאָסט(י)ען — טרוו. ־ט(י)ע אַוועק,
~געמאָסט(י)עט. אָפּט מיט ז י ך. ריכטיק
און באַקוועם אײַנאָרדענען, אײַנלייגן,
אַוועקלייגן אע. אַ, די זאַכן אין וואַליזע.
אַוועקמאַצע(ווע)ן — טרוו. מאַצע(ווע)
אַדועק, ~געמאַצע(ווע)ט. אוקר. 1.
אַוועקרײַבן אויף שטויב. אַ, עפּעס אויף שטויב.
2. דזוו אויסמאַצעווען, ב2 ←.
אַוועקמאַקל□ □ זירן
— ־זיר אַוועק, ~(גע)־
— ← אַוועקמקלען.
אַוועקמאָראַ
מאָראַליזירט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט
מאָראַליזירן. אַ, אין (מיט) שיינע דרשות. טרוו
— צו נישט מאַכן, מבֿטל מאַכן דורך
מאָראַליזירן. אַ, די קאָנקרעטע פּראָבלעם און
פֿאַרפֿליִען אין (די) הימלען.
אַוועקמאָרדן — טרוו. מאָרד אַוועק, ~
געמאָרדט (געווײנטלעך: ~געמאָרדעט, דטשמ).
1. ברוטאַל אַוועקהרגענען (אָן משפּט אָדער
לויט אַן אימגערעכטן געזעץ). אַ, עמעצן פֿאַר
גאָרניט. 2. במקום־ווערב: רואינירן,

נעמען אַ פּרנסה, צעשטערן אַ פֿאַמיליע־לעבן אאַ.

אַוועקמאָרדעווען — טרוו. ־דעווע אַוועק, ~געמאָרדעוועט. אָפּט מיט ז י ך.
אַוועקפּײַניקן; אַרויפֿלייגן שווערע אַרבעט, אַוועקמאַטערן. אַ, ווײַב און קינדער מיט קאַרגשאַפֿט און אַכזריות.

אַוועקמאַרודען — טרוו. ־דע אַוועק, ~ געמאַרודעט; אויך: ~מאַרודזיען, ~ מאַרודזשען. 1. אַוועקפּטרן (וועגן צײַט). אַ, דעם טאָג מיט גאָרניט. 2. צושטיין מיט אָן אַ צאָל בקשות, טענות אע. אַ, יענעם דעם קאָפּ מיט בריוו און טעלעפֿאָנען.

אַוועקמאַרוויכערן — טרוו. ־כער אַוועק, ~געמאַרוויכערט. אויך: ~מאַראַוויכערן.
אַוועקגנבֿענען, אַוועקנע▯ען מיט (אויף) כּוח אָדער דורך שווינדל. אַ, בײַ עמעצן אַ זייגער, געלט אע.

אַוועקמאַרינירן — טרוו. ־ניר אַוועק, ~(גע)־מאַרינירט. 1. אָנהייבן און פֿאַרענדיקן מאַרינירן (אַ לענגערע צײַט, אַ גרעסערע צאָל). אַ, הערינג, טאָמאַטן. 2. אָפּלייגן, פֿאַרשלעפּן,

פֿאַרציִען. אַ אַ געזעלשאַפֿטלעכע אַקציע.

,

-

אַוועקמאָרען — טרוו. ־רע אַוועק, ~ געמאָרעט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט פּײַניקן, מוטשען (דורך שווערער אַרבעט אא). אַ, די פּועלים מיט טאַטשקע־אַרבעט. 2. דזוו אויסמאָרען ←.

אַוועקמאָרען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו אויסמאָרען זיך ←.

אַוועקמאָרעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמאָרען (זיך).

אַוועקמאַרקירן — טרוו. ־קיר אַוועק, ~(גע)מאַרקירט. 1. בײַזן סוף מאַכן צייכנס, סימנים. אַ, אַלע אַרטיקלען, מע זאָל זיי קענען גלײַך דערקענען. 2. (סוחריש) אָנמערקן צייכנס פֿאַר פּרײַזן און אַוועקלייגן. אויספּאַקן סחורה און אַ'. 3 פֿטמ. מאַכן דעם

.

גאַנצן, אַקוראַטן חשבון, פּלאַן. אַ, די זאַך פֿון אַלף ביז תּיו.

אַוועקמאַרש — דער, ־ן. אַוועקגאַנג, אַקט
פֿון אַוועקמאַרשירן (אָרגאַניזירט, מיליטעריש).
אַן אַ, מיט מוזיק.
אַוועקמאַרשירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַוועקמאַרשירן. ד אַ, פֿון דער גרופּע.
י
אַוועקמאַרשירן — אוטוו. מאַרשיר אַוועק,
~(גע)מאַרשירט. 1. אַוועקגיין אויף אַ
מיליטערישן אָדער בכלל אָרגאַניזירטן אופֿן אין
אַ גרופּע. דער פֿולק מאַרשירט אַוועק מיט
געזאַנג. „באַלד וועט מען אויסרופֿן די נומערן
וואָס דאַרפֿן אַ, צו דער קרעמאַטאָריע“, ק.
צעטניק, זייגער איבערן קאָפּ. 2. מאַרשירן
אַ לענגערע צײַט.
אַוועקמאַשע'נעווען — טרוו. ־נעווע אַוועק,
~געמאַשענעוועט. לר, וורר, אוקר.
אַוועקנאַרן, אַוועקשווינדלען. אַ, פֿון עמעצן ס'לעצטע
העמד פֿון לײַב.
אַוועקמבולן — [...מאַבלען] מבול אַוועק,
~געמבולט. אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט מבולן, זייער שטאַרק רעגענען,
גיסן אע. „שלאַקסרעגנס האָבן אַוועקגעמבולט,
און מע האָט קיין סוף צו זיי ניט געזען“.

טרוו — גיך און זייער אַ סך רעדן, שרײַבן אע. אַ, מאמרים.

-

אַוועקמה־י יתן — [...מאַיאָ'פּעסן] טרוו. מהיפּית אַוועק, ~געמה־יפּיתט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט שטאַרק חנפֿענען עמעצן. „אַ, פֿאַרן בעל־דעה ווי אַמאָל די קרעטשמערס פֿאַרן פּריץ", רייד.

אַוועקמוהן זיך — [...מוי'עכן] אוטוו. מוח זיך אַוועק, זיך ~געמוחט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שטאַרק זיך אַרײַנטראַכטן; חקירהן זיך. אָפּט איר. אַ, זיך איבער נישטיקייטן.

אַוועקמוטען — טרוו. ־טע אַוועק, ~ געמוטעט. אויך:~מוטנעווען. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט (צי ביזן סוף) מאַכן מוטנע א פֿליסיקייט. אַ, דאָס וואַסער = פֿאַרפּלאָנ.

טערן; אויפֿהעצן.

אַוועקמוטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~ געמוטשעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מוטשען, פּײַניקן. אַ, עמעצן מיט שווערער האָרעוואַניע. אָפּט מיט זיך — פּײַניקן זיך, מאַטערן זיך אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך חדשים־לאַנג אויפֿן קראַנקן־בעט. „ער האָט זיך געמוזט טעגווײַז אַ, איידער ער איז דערגאַנגען...“, קמ, 1867, No. 25.

אַוועקמוטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמוטשען (זיך).

אַוועקמויערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~ געמויערט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מויערן. אַ, אַ פֿעסטונג. 2. אויסמײַדן סכּנה דורך אויפֿשטעלן אַ מויערוואַנט. „אַ, פֿײַער־געפֿאַר מיט אַ מויערוואַנט צווישן בײדע הילצערנע הײַזער“, רייד.

אַוועקמוליע(ר)ן — טרוו. מוליע(ר) אַוועק,

~געמוליע(ר)ט. פֿטמ. טאָן ביזן סוף אַן
אַרבעט פֿון אַ מוליער. אַ אַן אויוון.

,

אַוועקמולירן — טרוו. ־ליר אַוועק, ~
געמולירט. אַוועקנאַרן, אַרויסבאַקומען פֿון עמעצן
עפּעס דורך פֿאַלשקייט. אַ, פֿון עמעצן די פּאָר
גראָשנס.

אַוועקמולכ(ע)ן — [...מאָלעכן,...מאָלכען]
טרוו. מולך (מולכע) אַוועק, ~געמולכ(ע)ט.
[< מוליכן = פֿירן] פּר. אַוועקשמוגלען =
אַוועקברענגען איבער דער גרענעץ אומלעגאַל.
אַ, סחורה.

אַוועקמוסירן — טרוו. ־סיר אַוועק, ~
געמוסירט. קאַליע מאַכן דורך לאָזן אויסוועפּן. אַ,
וויַין אין אַן אָפֿענער כּלי.

אַוועקמוסרן — [...מו'סערן] טרוו. מוסר
אַוועק, ~געמוסרט. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט זאָגן שטראָפֿרייד, פֿירהאַלטן,
אויפֿוואַרפֿן. אַ, פֿאַר שקאָצערײַען.

-

אַוועקמוסן — אוטוו. מוף אַוועק, ~
געמופֿט. אַמ. to move: ▯ < פֿאַרלאָזן דאָס

.

וואוינאָרט: דירה, געגנט, שטאָט; אַרויסקלײַבן זיך. אַ, אין אַ שיינער געגנט.

-

אַוועקמוסקרן — [...מו'פֿקערן] מופֿקר אַוועק, ~געמופֿקרט. אקוזוו — אַ לענגערע צײַט זיך פֿירן ווי אַ הפֿקר־יונג. אַ, די בעסטע יונגע יאַרן. טרוו — מאַכן אינגאַנצן פֿאַר אַ הפֿקריונג. אַ, די יוגנטלעכע. נעאָל.

אַוועקמיאַוקען

אַוועקמוקען — ־קע אַוועק, ~געמוקעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען (ענלעכע צו) מומו. אַ, ווי אַן אָקס. טרוו — אומלאָגיש, ניטפֿאַרשטענדלעך רעדן, זינגען אע.
אַוועקמוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמוקען.
אַוועקמורמלען — ־מל אַוועק, ~געמורמלט. אוטוו — זיך באַוועגן, זיך דערווײַטערן מורמלענדיק. ״דער שטראָם מורמלט אַוועק איבער

די שטיינער“. טרוו — 1. (רעדן ווי געוויינטלעך און מיטאַמאָל) אָנהייבן רעדן שטיל, אומקלאָר, גיך. אַ, די לעצטע ווערטער. 2. אויסמורמלען אַ לענגערע צײַט. אַ, דאָס גאַנצע דאַוונען.

אַוועקמורמלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמורמלען.

אַוועקמורקען — ־קע אַוועק, ~געמורקעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צ▯.ט אַרויסגעבן שטילע קלאַנגען, ענלעכע צו ▯ מר־מר. אַ, ווי אַ קעצעלע. טרוו — אַוועקזאָגן גיך, אומקלאָר; אַוועקמורמלען. אַ, אַן ענטפֿער.

אַוועקמורקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמורקען.

אַוועקמ▯שבֿן — [...מוי'שעווען] טרוו. מ▯שבֿ אַוועק, ~געמוֹשבֿט. 1. שטאַרק פֿאַרשמוצן. 2. קאַליע מאַכן, פּטרן דורך מיסט, אָפּפֿאַל. אַ, דעם שפּיטאָל, דעם ביקור־חולים.

אַוועקמושטירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אַוועקמושטירן. אַ, פֿון סאָלדאַטן.

אַוועקמושטירן — טרוו. ־טיר אַוועק, ~

געמושטירט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע
צײַט מושטירן, לערנען הלכות מיליטער־דינסט.
אַ, יונגע רעקרוטן. 2. אַוועקלערנען אויף
זייער אַ שטרענגן שטייגער, אָן דער מינדסטער
פֿרײַקייט. אַ, אַ קינד, ניט לאָזן דעם קאָפּ
אויפֿהייבן.

אַוועקמ󠁿שלען — [...מוישלען] אוטוו. מושל
אַוועק, ~געמושלט. אַ לענגערע צײַט שטרענג
(ברוטאַל) הערשן. אַ, מיט אַ שטאַרקער האַנט
איבער אומבאַהאָלפֿענע.

אַוועקמזיקן — [...מאַ'זיקן] טרוו. מזיק אַוועק,
~געמזיקט. צעשלאָגן; אַוועקקלאַפּן,
אַוועקהרגענען; מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע. אַ, עמעצן,
צעברעכן אים הענט און פֿיס.

אַוועקמהיהן זיך — [...מעכאַ'יען] אוטוו.
מחיה זיך אַוועק, זיך ~געמחיהט. אָנהייבן
אָדער (און) אַ לענגערע צײַט שטאַרק הנאה

האָבן. אַ, זיך מיט דעם קינדס חכמהלעך;
אַ, זיך מיטן געבראָטענעם גענדזל.

אַוועקמטריחן — [...מאַטרי אַכן] טרוו. מטריח
,

אַוועק, ~געמטריחט. אויך מיט ז י ך.

מטריח זײַן עמעצן זיך אויפֿצוהייבן,
אַוועקצוגיין. „ר, ייִד, איר וועט זיך אַ, פֿון דעם
פּלאַץ, ווײַל דאָ זיץ איך„, רייד.
אַוועקמיאַוקען — אוטוו ־קע אַוועק, ~
גע
מ אַוקעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
י
צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען (ענלעכע צו)
מיאַומיאַו. „די קעץ מ אַוקען אַוועק אין די
מאַרי

צאָווע נעכט“.

אַוועקמיגלען

אַוועקמיגלען — אוטוו. ־גל אַוועק, ~
געמיגלט. אַוועקגלאַנצן, אַוועקפֿינקלען. אַ, ווי
אַן אבֿן־טובֿ מיט אַלערליי קאָלירן.
אַוועקמיטען — אוטוו. ־טע אַוועק, ~
געמיטעט. אוקר. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע
צײַט גלאַנצן, פֿינקלען. אַ, מיט די אויגן.
אַוועקמיטשען — אוטוו. & טרוו. מיטשע
אַוועק, ~געמיטשעט. סל. אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט מוקען, רעווען. אַ, ווי אַ קו

אַז זי דערשמעקט די פּאַשע.

אַוועקמײַדן — אוטוו. מײַד אַוועק, ~געמיטן (פּד, אוקר); ~געמײַדט. אויך מיט ז י ך. אַוועקגיין, אַוועקרוקן (זיך) אין אַ זײַט כּדי אויסצומײַדן. אַ, פֿון שלעכטס.

אַוועקמײַסטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~ געמײַסטערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט טאָן עפּעס (ביז עס דערגרייכט פּערפֿעקטקייט). אַ, עפּעס עטלעכע טעג ביז עס ווערט אַ צאַצקע.

אַוועקמײַסטרעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק, ~געמײַסטרעוועט. דזוו אַוועקמײַסטערן, אָפּט איר. אַ, עפּעס מיט צוויי לינקע הענט.

אַוועקמייקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמייקען. אַן אַ, פֿון טריף־פּסול.

אַוועקמייקע(נע)ן — טרוו. ־קע אַוועק, ~געמייקעט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט ברעכן. זיך אָנשיכּורן און אַ'. 2. רעדן וואולגאַר, זיך שילטן. אַ, ניבול־פּה. 3. זיך באַפֿרײַען פֿון שלעכטע השפּעות, גראָב. אַ, פֿון זיך דעם גראָבן־יונג.

אַוועקמיליען — טרוו. ־ליע אַוועק, ~ געמיליעט. אוקר. אַוועקזייפֿן. אַ, אַ קופּע וועש.

אַוועקמינטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~
געמינטערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
מינטערן, אַרויסבּרענגען פֿון חלשות. אַ,
עמעצן און מאַכן פֿון טויט לעבעדיק.
אַוועקמינטערניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקמינטערן. אַ, פֿון געחלשטע.
אַוועקמינירן — טרוו. ־ניר אַוועק, ~(גע)־
מינירט. נעאָל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
(אָדער וויפֿל עס איז נייטיק) מאַכן אַ
פֿאַסטקע פֿון מינעס. א אַ גרענעץ־פּאַס, אַ,

,

אַ האַפֿן.
אַוועקמינצן — טרוו. מינץ אַוועק, ~
געמינצט. 1. דזוו אויסמינצן ←. 2. דורך
מינצן עפּעס אָפּשאַפֿן. אַ, די אומגלײַכע
ראַנדן.
אַוועקמיסטיקן — טרוו. ־טיק אַוועק, ~
געמיסטיקט. 1. בּיזן סוף בּאַדעקן מיט מיסט
בײַם פֿערטיליזירן. אַ, די פֿעלדער. 2.
אָנוואַרפֿן מיסט, שמוץ. אַ, דאָס גאַנצע הויז.
אַוועקמ⃞ען זיך — אוטוו. מי זיך אַוועק, זיך
~געמיט. אַ לענגערע צײַט זיך מיִען. אַ,
ז.ך לטובֿת הכּלל.
אַוועקמירקעווען — טרוו. ⃞קעווע אַוועק,

~געמירקעוועט. סל. אוקר. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט באַקלערן, באַטראַכטן, זוכן אַ באַשייד. אַ, די פּאָלאָזשעניע [מצבֿ, סיטואַציע].

אָוועקמישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמישן (זיך).

אַוועקמישן — טרוו. מיש אַוועק, ~געמישט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט מישן,

צונויפֿמישן, אויסמישן. אַ, קאַשע מיט באָרשטש. 2. אַוועקבלעטערן, פֿאַרמאַכן די זײַט אין בוך וואו מע האָט געהאַלטן און אויפֿמישן אויף אַ נײַער זײַט. אַ, די מעשׂה אין בוך.

אַדועקמישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ לענגערע צײַט זיך מישן אין עפּעס. אַ, זיך אין קהלשע ענינים. 2. פֿטמ. אויסמישן זיך, אַסימילירן זיך. אַ, זיך מיטן גוי.

אַוועקמישעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אַוועקמישונג, איר. דאָס וואָס מע האָט אַוועקגעמישט.

אַוועקמישעניש — דאָס (די), ־ן. דויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקמישן. אַן אַ, וואָס

ציט זיך ווי דער גלות.
אַוועקמלאכה(נע)ן — [...מלאָ'כע(נע)ן] טרוו. מלאָכה אַוועק, ~געמלאכהט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט טאָן אַן אַרבעט ניט־געראָטן. אַ, עפּעס מיט צוויי קרומע (לינקע) הענט.
אוי מלו ~סלו ~
מליי: ~מלאכהווען.
אַווע
צען, ~ ען, ~מ — טרוו. מלויטשע (מלויצע, מלייצע, מליטשע, מליצע) אַוועק, ~געמלויטשעט (~געמלויצעט, ~געמלייצעט, ~געמליטשעט, ~געמליצעט). אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט (צי ביזן סוף) דרעשן. אַ, די תּבֿואה.
אַוועקמלן — [...מאַלן] טרוו. מל אַוועק, ~נעמלט. 1. אָפּשנײַדן, אַוועקשנײַדן (איר, גראָבלעך). 2. ביזן סוף פֿאַרקאָנקורירן עמעצן, מאַכן אַז יענער זאָל שטאַרק דערלייגן, שטאַרק אַוועקשנײַדן דעם פּרײַז. אַ, אַ סוחר אָן אַ הודיה. אויך: ~מלען.
אַוועקממיתן — [...מײַ'מעסן] טרון. ממית אַוועק, ~געממיתט. שטאַרק (צע)שלאָגן, אַוועקהרגענען. אַ, עמעצן, ער זאָל האָבן צו געדענקען. צעקאַליעטשען. אָ, אַ פּיעסע.

אַוועקמסהרן — [...מי'סכערן] אוטוו. מסחר אַוועק, ~געמסחרט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פּירן מסחר. אָ, מיט אַ פֿאַרלעגענער סחורה. 2. (סוחריש) פֿאַרקויפֿן צו גיך, אָן רווח, מיט היזק. אַ, אַ וואַגאָן תּבֿואה.

אַוועקמסרן — [...מאַ'סערן] טרוו. מסר אַוועק, ~געמסרט פֿאַרמסרן▯ אַרויסגעבן פֿאַר דער

. .

עפֿנטלעכקייט אָדער מאַכט עמעצנס חטאָים. אַ אַ כאַבאַרניק פֿאַר אַ כאַבאַרניק.

,

אַוועקמעדליעווען — אוטוו & טרוו. ־ליעווע אַוועק, ~געמעדליעוועט. סל. אַ לענגערע צײַט טאָן עפּעס גאַנץ פּאַמעלעך, פֿאַרציִען. אַ, (מיט) אַן אַרבעט. אַ, און ניט צושטעלן זיך צום סראָק [= טערמין פֿון פּריזיוו].

אַוועקמעטשען — פּר. דזוו אַוועקמיטשען ←.

אַוועקמעלדן — טרוו. מעלד אָוועק, ~ געמאָלדן (אויך: ~געמעלדט). אויסמעלדן בבֿ 1, 2 ←.

אַוועקמעלדן זיך — אוטוו. ← זפּוו. פּר, גאַליציע. שטעלן זיך צום פּריזיוו. אַ, זיך

צדם מיליטער.

אַוועקמעלקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַוועקמעלקן. אַ, פֿון שטײַערן.

אַוועקמערעזשען

אַוועקמעלקן — טרוו. מעלק אַוועק, ~
געמאָלקן, ~געמעלקט. 1. אָנהייבן און אַ
לענגערע צײַט מעלקן. אַ, מיט איין פּאָר הענט
אַ שטאַל בהמות. 2. אָפּמעלקן אַ טייל.
אויסמעלקן ניט אינגאַנצן. אַ, די קו אַז די מילך
זאָל ניט איבערגעבּרענט ווערן אין אײַטער.
3. איינמאָליק אָדער סיסטעמאַטיש
אַרויסבּאַקומען (געזעצלעך אָדער אויף כּוח) געלט
אאַ (איר גר י — אוטוו. ← דפֿוו. ־].

אָנ ו
בּלעך). אַ, שטײַערן.

אַוועקמע קן

הייבּן געבּן מילך. אַ, זיך נאָכן אָפּ ן אע. אָ,
עלבּן זיך.

2. אָנהייבּן זיך צו ל
אָזן קאָסטן, צאָ
זיך מיט מזומנים ווי אַ גוטע טעלעצע וואָס
האָט זיך אָפּגעקעלבּט.

אַוועקמעלקעכץ — דאָס (די), ־ן. 1.
אַוועקמעלקונג, איר. 2. דאָס וואָס מע האָט
אַוועקגעמאָלקן.
אַוועקמעלקעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויאַוו — טרוו ־טשל אַוועק,
ע□ער פּראָ□ן .
ערדי ס פֿון אַוועקמעלקן.
מענטש
~געמענטשלט. 1. אַ לענגערע צײַט לערנען
עמעצן גוטע מידות, געבן אים וויסן,
פֿאַרקענטעניש אע. אַ, אַ שאינו־יודע־לשאול.
2. אָפּמענטשלען; פֿאָטאָגראַפֿירן; אָפּמאָלן.
איר.
אַוועקמעסטן — טרוו. מעסט אַוועק, ~
געמאָסטן. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
מעסטן. אַ גאַנצן זומער אַ, די פֿעלדער. 2. ניט
אַרײַננעמען אין חשבון (בײַם מעסטן); פֿאַלש
מעסטן. 3. דורכשפּרײַזן אָן אַ ציל. אַ, דI.
גאַסן.
אַוועקמעסטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקמעסטן.
אַוועקמעקלערן
— טרוו. מ□ □ן. אַ לע□ ־

לער אַוועק,

~געמעקלערט. אויך: ~מעק

גערע צײַט (און ביזן סוף) פֿאַרמיטלען אין

אַ געשעפֿט, מסחר אע. אַ, לאהן פֿאַר רחלען.

אַוועקמעקן — טרוו. מעק אַוועק, ~געמעקט.

אַוועקווישן, אַוועקקראַצן, אַוועקרײַבן. אַ אַ

ציפֿער, ליניע. מיט ז י ך — 1 פֿון זיך, אָן

.

כוונה אַוועקגעמעקט ווערן. 2. (אין לשון פֿון

יוגנטלעכע, ליטע) אַוועקגיין. אָפּטראָגן זיך.

מעק זיך אַוועק פֿון דאַנעט!

אַוועקמעקען — ־קע אַוועק, ~געמעקעט.

אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט

מעקען, אַרויסברענגען קלאַנגען, ענלעכע צו

מע־מע. אַ, ווי אַ ציג. טרוו — 1. אַוועקרעדן

ניט אָנגענעם, נאַריש; אַוועקזינגען ניט־

מוזיקאַליש, ניט־ריכטיק, איר. אַ, אַ רעדע, אַ ליד.

2. אַוועקדערציילן (מחמת טיפּשות אָדער

אונטערן דר ק).

אַוועקמעקעניש — דאָס (די), ־ן. 1.

פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקמעקן.

2. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון

אַוועקמעקען.

אַוועקמערדערן — דזוו אַוועקמאָרדן, נאָר עמפֿאַטישער.

אַוועקמערן זיך — אוטוו. מער זיך אַוועק, זיך ~געמערט. שטאַרק פֿרוכפּערן זיך. אַ, זיך ווי פֿיש אין ים.

אַוועקמערעזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~געמערעזשעט. סל. בּיזן סוף פֿאַרריכטן מיט פּאָסיקע פֿעדעם, לויט די ליניעס ווי ס.איז

אַוועקמערעשטשען זיך

לכתּחילה געשטריקט. אַ, אַ זאָק. אַ, אַ לאָך וואָס מע האָט אויסגעבּרענט מיט אַ פּאַפּיראָס.

אַוועקמערעשטשען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס ־שטשעט זיך אַוועק, זיך ~ געמערעשטשעט. סל. זיך אַוועקדאַכטן, זיו ווײַזן כּמו ווי אויף אַן אמת. עס האָט זיך אים אַוועקגעמערעשטשעט דאָס גרויסע געווינס.

אַוועקמערקן — טרוו. מערק אַוועק, ~ געמערקט. ניט בּאַמערקן, ניט דערזען (בּכּיוון אָדער ניט־בּכּיוון). אַ, עפּעס, גלײַך ווי גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט.

אַוועקמערקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק, ~▯עמערקעוועט. אוקר. אָנהייבּן אָדער אַ

לענגערע צײַט מאַכן פֿאַר זיך אַ פּלאַן, חשבון.
אַ, וואָס ווײַטער צו טאָן.
אַװעקמפּ(י)לען — [...מאַפּלען] מפּ(י)ל אַוועק,
~געמפּ(י)לט. אוטוו — ניט־בכּיוון
איבעררײַסן שוואַנגערשאַפֿט דורך פֿאַרלירן דאָס
קינד פֿאַר דער צײַט. אַ, אין דריטן חודש.
טרוו — נעאָל. אַרויסגעבן אַ ניט־צײַטיקן
פּראָדוקט. אַ, ביכער, בילדער.
אַוועקמצליחן — [...מאַצל אַכן] אוטוו. מצליח
',
אַוועק, ~געמצליחט. אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט האָבן הצלחה, פּראָפֿיטירן,
געווינען אע. (איר בײַטעם). אַ, אין אַלץ וואָס מע
טוט.
אַוועקמקלען — [...מאַקלען] טרוו. ־קל אַוועק,
~געמקלט. < מקל = שטעקן. אָנהייבן
אָדער אַ לענגערע צײַט שלאָגן, קלאַפּן מיט אַ
שטעקן. אַ, עמעצן איבערן רוקן.
אַוועקמראָטשען — טרוו ־טשע אַוועק,
.
~געמראָטשעט. סל. אויך: ~מראַטשען,
~מאָראָטשען. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע
צײַט צושטיין צו עמעצן מיט כּלערליי טענות;
פֿאַרדרייען, פֿאַרפּלאָנטערן. אַ, דעם קאָפּ מיט

נאַרישקייטן.
אַוועקמראַקען — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
־קעט אַוועק, ~געמראַקעט. אויך: ~
מאַראַקען. (וועגן אַ שפּרייערעגן) גיין אַ לענגערע
צײַט. אַ אַ גאַנצן מעת־לעת.
,
אַוועקמרוקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געמרוקעט. אַוועקזאָגן אומקלאָר,
אומפֿרײַנדלעך. אַ, עפּעס, אַז מע זאָל ניט פֿאַרשטיין קיין
איין וואָרט.
אַוועקמשכונען — [...מאַ'שקענען] טרוו.
משכּון אַוועק, ~געמשכּונט. אַוועקגעבן עפּעס
וו אַ משכּון; אײַנלייגן, גאַראַנטירן מיט אַ
'
וערטזאַך. אַ, די זילבערנע לײַכטער.
אַוועקמשלהן—[...מעשאליי אַכן] טרוו. משלח
,
אַוועק, ...־,געמשלחט. אַוועקשיקן,
אַוועקטרײַבן (אין פֿאַרשטעלטן לשון). אַ, דעם ערל,
געבן אים די פֿור. „אַ, מיט מוזיק“, בּריוו.
אַוועקמשלען — [...מאָשלען] טרוו. משל
אַוועק, ~געמשלט. אַוועקזאָגן בּדרך משל,
בּרענגען א סך משלים.
אַוועקמשפּטן — [...מי'שפּעטן] טרוו. משפּט

אַוועק, ~געמשפּט. 1. פֿאַרמשפּטן אויף גיך
אָדער ניט־גערעכט. 2. אָפּשאַפֿן דורך אַ משפּט.
א, דעם פֿריִערדיקן אורטייל. מיט ז י ך —
אַ לענגערע צײַט זיך משפּטך. אַ, זיך מיט דער
משפּחה איבער אַ חלק אין דער ירושה.
אַוועקמשׂמהן — [...מעסאַמיי'עכן] טרוו.
משׂמח אַוועק, ~געמשׂמחט. אָפּט מיט ז י ך.

□

אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט מאַכן
פֿריילעך. אַ, די געסט ביז אין דער נאַכט אַרײַן.
אַוועקן — דזוו אַוועק פֿון פּטמ. מחוץ פֿון;
,
אויף אַ געוויסן מהלך פֿון. „אַוועקן שטאָט
שטייען אַ פּאָר אַלטע ווינטמילן„.
אַוועקנאָגן — טרוו. נאָג אַוועק, ~גענאָגט.
אַוועקזויגן, אַוועקדריקן דעם זאַפֿט. אַ, דעם
מאַרך פֿון די ביינער.
אַוועקנאַד(י)ען, ~נאַדזיען, ~נאַדזשען
— טרוו. נאַד(י)ע, נאַדזיע, נאַדזשע אַוועק, ~
גענאַד(י)עט, ~גענאַדזיעט, ~ גענאַדזשעט. סל.
אַוועקציִען, אַוועקנאַרן. אַ, פֿון עמעצן טויבן
(הינט אאַ בעלי־חיים). אָפּגעוואוינען. אַ, פֿון

טרונק.
אַוועקנאָטירן — טרוו. ־טיר אַוועק, ~(גע)־
נאָטירט. ענדגילטיק נאָטירן, פֿאַרצייכענען,
פֿאַרשרײַבן. אַ, פּרײַזן. אַ, געשעענישן.
אַוועקנאָיען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. נאָיעט
אַוועק, ~געגנאָיעט. סל. אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט ווי טאָן מיט אַ נאָגנדיקן
ווייטיק. „מײַן אַלטע וואונד נאָיעט אַוועק פֿאַר
אַ רעגן,„ רייד. ס'האַרץ נאָיעט אַוועק.
אַוועקנאַציאָנאַליזירן — טרוו. ־זיר אַוועק,
~נאַציאָנאַליזירט. אַוועקנעמען דורך
נאַציאָנאַליזירן. „מע וועט ניט אַוועקרויבן, חלילה.
מע וועט בלויז אַ',„ רייד.
אַוועקנאַרייען — טרוו. ־רײַע אַוועק, ~

ענאַרײַעט. אויך: ~נאַראַיען. אַוועקנעמען
עמעצן דער עפּעס דורך אָנבאָטן,
רעקאָמענדירן בעסערס; אָפּרעדן. אַ, עמעצן פֿון דער
שטעל(ע).
אַוועקנאַרישן זיך — אוטוו. נאַריש זיך
אַוועק, זיך ~געגנאַרישט. אָנהייבן טאָן
ניטשׂכלדיק, ניט־באַקלערט. אַ, זיך אויף דער
עלטער און נעמען אַ יונג ווײַבל.
אַוועקנאַרן — טרוו. נאַר אַוועק, ~געגנאַרט.

1. אַוועקנעמען, אַרויסקריגן דורך דריידלעך, אויף אַן אומערלעכן אופֿן. אַ, פֿון עמעצן דאָס גאַנצע האָבֿ־און־גוטס און בלײַבן אַ פֿײַנער מאַן. 2. אַוועקפֿירן מיט אַ דריידל, דורך אָפּנאַרערײַ. אַ, דאָס קינד פֿון דער היים.
אַוועקנאַרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. אַוועקנאַרעניש, אַוועקנאַרערײַ, איר.
2. מיטל אויף אַוועקצונאַרן. גיב דעם קינד אַ שפּילעכל, אַן אַנדער מין אַ'.
אַוועקנאָרען — טרוו. ־רע אַוועק, ~געגאָרעט.
1. אַוועקשלעפּן און שמוציק מאַכן. אַ, אַ מלבוש אין בלאָטע. 2. אַוועקשלעפּן (אין אַ נאָרע), אַוועקבאַהאַלטן. „וואו האָסטו אַוועקגענאָרעט די שליסלען?“.
אַוועקנאָרען זיך — ← דפֿוו. אויך: צונויפֿדרייען זיך אין אַ ווינקל. „דאָס קינד האָט זיך אַוועקגענאָרעט און איז אײַנגעשלאָפֿן“, רייד.
אַוועקנאַרעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אוועקנאַרן.
אַוועקנאַרער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס נאַרט אַוועק. “דער אַ, קען זיך אויך אָפּנאַרן“. אדי: ־יש.
אַוועקנאַרעריי — דאָס & די, ־ען. טואונג
-

פֿון אווענקנאַרער.
אַוועקנאַשן — טרוו. נאַש אַוועק, ~גענאַשט.
1. אָנהייבן אָדער א לענגערע צײַט נאַשן,
אויפֿעסן געשמאַקע עסנס. 2. אויפֿעסן,

אויסאַוועקניאַנטשען

טרינקען צו ביסלעך, נאַשנדיק. אַ, אַלץ פֿון
די טעפּ און די טעלער און גאָרניט
איבערלאָזן.
אַוועקנאַשער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס נאַשט אַוועק. „מע קען זײַן אַ נאַשער,
אָבער מע טאָר ניט זײַן קיין אַ, און גאָרניט
איבערלאָזן פֿאַר אַנדערע“, רייד. אַדי: ־יש.
אַוועקנגען — [...נעגען] טרוו. לר. נגע אַוועק,
~גענגעט פֿאַרמאַטערן, דערדריקן מיט
יאַ.
דען פֿירהאַלטן קלייניקייטן, טשעפּען זיך
אום,
זיסט. אַ, דעם מאַן, די ווײַב.
אַוועקנהרגן — [...נע'(הע)רעגן, נע'ריקן] טרוו.
נהרג אַוועק, ~גענהרגט. שטאַרק אָנברעכן
די ביינער. אַ, עמעצן אַז יענער זאָל זיך פֿון
אָרט נ ענען אויפֿהייבן.

אַוועקנואסן — [...נוי'עפֿן] אוטוו. נואף אַוועק, ~גענואפֿט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט טרײַבן זנות פֿירן אַ צעלאָזן געשלעכטלעך

,

לעבן.

אַוועקנוד(י)ען, ~נודז(י)ען, ~נודזשען — טרוו. נוד(י)ע, נודז(י)ע, נודזשע אָוועק; ~גענוד(י)עט, ~גענודז(י)עט, ~גענודזשעט. פֿאַרמאַטערן, דערדריקן דורך זײַן לאַנגווײַליק, דורך נודיען. אַ, צום טויט; אַ, מיט פּוסטע רייד. אומפּ. עס איבלט, עס עקלט. עס נודיעט מיך אַוועק פֿון אַזאַ שפּײַז (פֿון זײַנע רייד).

אַוועקנוד(י)ען זיך — ← דפֿוו. אַ לענגערע צײַט זיך לאַנגוו ליקן, גאָרנישט טאָן. זיך אַ, אין דעם קליינעם שטעטל.

אַוועקנורעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקנוד(י)ען. אַן אַ, ווי צום חלשן.

אַוועקנומערירן, ~נו'מערן — טרוו. נומער(יר) אַוועק, ~(גע)נומער(יר)ט. אַוועקשטעלן לויט אַ סדר נומערן אויף עפּעס. אַ, די זיצערטער אין טעאַטער־זאַל.

אַוועקנופּן — דזוו אַוועקניפּן ←.

אַוועקנוקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~

געגוקעט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
אַרויסברענגען די טראַפּן נו־נו (ניט וועלנדיק
מפסיק זײַן). „וואָס האָסטו אַוועקגענוקעט?
אָט איז דאָס ברויט, דאָס מעסער און אָט איז
זאַלץ“. 2. אויסדריקן באַוואונדערונג אָדער
אַנטוישונג דורך נוקען. אַ, פֿון התפּעלות.
3. אונטערטרייַבן, פֿאָדערן מער אע. אַ, אויף
ד אַרבעטער וו אַ פּויער אויף די אָקסן.

י

אַוועקנורען (זיך) — דזוו אַוועקנאָרען זיך ←.
אַוועקנורקעווען — ־קעווע אַוועק, ~
געגורקעוועט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט אונטערטוקן זיך בײַם שווימען. אַ,
פֿון איין ברעג צום אַנדערן. טרוו —
אונטערטונקען עמעצן. אַ, דעם חבֿר.
אַוועקנ תנען — [...נוי'סע..., ניי'סע...]. לר.
← אַוועקנתנען.
אַוועקניאַווקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
גענ אַווקעט. אויך: ~ניאַוקען. אָנהייבן אָדער

י

אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קעצישע קולות.
קעץ נ אַווקען אַוועק אויפֿן דאַך ביזן טאָג

י

אַרײַן.

אַוועקניאַנטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געניאַנטשעט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט ניאַנטשען, זיך באַגיין מיט עמעצן (אַזוי) ווי מיט אַ קינד. אַ, דעם מאַן ווי אַ קליין קינד.

אַוועקניאָרען

אַוועקניאָרען — ־רע אַוועק, ~געניאָרעט. סל. אוסוו — הונגערן אַ לענגערע צײַט. אַ, אין די מלחמה־יאָרן. טרוו — אויסהונגערן, אויסמאָרען. אַ, די אַרעסטאַנטן.

אַוועקניאָרעניש — דאָס (ד), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקניאָרען.

אַדועקניגונען — [...ני'גענען] טרוו. ניגון [ניגן] אַוועק, ~געניגונט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט ציִען אַ ניגון אָדער דיידן מיט אַ באַשטימטער מעלאָדישקייט. אַ אַ פּאָ,

פֿולערן ניגון. 2. אַרויסקומען מיט טענות, תּבֿיעות אע, איר. אַ, אַ צעטל טענות אַז דער קאָפּ זאָל זיך פֿאַרדרייען.

אַוועקניוכען — ־כע אַוועק, ~געניוכעט.

סל. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט ניוכען, פֿאָרשנדיק שמעקן (געוויינטלעך וועגן חיות). אַ, אין אַלע ווינקעלעך. טרוו — דורך הינטערוועגן דערגיין עפּעס. אַ, עפּעס ווי אַ שפּידהונט.

אַוועקניוכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקניוכען.

אַוועקניזוקן — [...ניזעקן] טרוו. ניזוק אַוועק, ~געניזוקט. דזוו אַוועקמזיקן ←. אַ, עמעצן אָן רחמנות.

אַוועקנייג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אַוועקנייגן (זיך). אַ, פֿון דרך הישר. 2. שטח פֿון אַוועקנייגונג. אַ, אויף (פֿון) 45 גראַד.

אַוועקנייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקנייגן (זיך).

אַוועקנייגן — נייג אַוועק, ~גע▯.יגט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט אָפּטרעטן, אָפּקירעווען אין אַן אַנדער ריכטונג. אַ, אויף רעכטס, לינקס. „...און דער נייגט אַוועק פֿון דעם רעכטן וועג פֿון דער תּורה“, חה, 20. טרוו — 1. אַוועקבייגן. אַ, דעם קאָפּ אין אַ זײַט. 2. אָפּווענדן, אָפּקערן; מאַכן מע זאָל אָפּטרעטן פֿו▯ עפּע

.3

אוועקס. „די שׂרים...האָבּן אים
גערוואָלט אַ, פֿון גלײַכן וועג“, קח. —
קוקן, זיך ניט רעכענען מיט עפּעס. אַ, דעם
יחדס.
אַוועקנייגן זיך — ← דפֿוו. 1. אָפּטרעטן;
אַוועקדרייען זיך. 2. זיך טיף (פֿאַר)בּוקן. אַ,
זיך פֿאַר עמעצן ווי פֿאַר אַ קייסער.
אַוועקנייטיקן זיך — אוטוו. ־טיק זיך אַוועק,
זיך ~גענייטיקט. אין אַ גרויסער מאָס אָדער
אַ לענגערע צײַט האָבּן אַ בּאַדערפֿעניש אין
עפּעס. אַ, זיך אין עמעצנס הילף, אין
אָנווײַזונגען.
אַוועקנייטן — טרוו. נייט אַוועק, ~גענייט.
אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט צווינגען צו
עפּעס קעגן יענעמס ווילן, איבּערצײַגונג אע.
אַ אַ פֿרומ▯ן ייִדן מחלל שבּת זײַן.

,

אַוועקניינען — טרוו. ניין אַוועק, ~גענײנט.
נעאָל. אינגאַנצן נעגירן, לחלוטין אָפּוואַרפֿן,
זאָגן כּסדר ניין. אַ, דעם אַנדערנס מיינונג,
פֿאָרלייג.
אַוועקנייעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקנייען.
אַוועקנייען — טרוו. ניי אַוועק, ~גענייט.

1. אַ לענגערע צײַט נייען. אַ, ביז שולקלאַפּן.
2. אויסניצן בײַם נייען דעם גאַנצן מאַטעריאַל.
אַ, די גאַנצע סחורה. 3. מיט נייען מאָכן

עס זאָל ניט קאָנטיק זײַן אַ פּגם. אַ, אַ פֿאַלשן
שניט.
אַוועקניכוועט — טרוו. ־ווע אַוועק, ~
געניכוועט. וורר. סל. דזוו אַוועקליכוועט ←.
אַוועקניכטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~
געניכטערט. אַ לענגערע צײַט ווירקן אויף
עמעצן ער זאָל זיך באַפֿרײַען פֿון געדאַנקען,
געפֿילן אע, וואָס האָבן אים פֿאַרכאַפּט ווי אַ
שיכּרות. אַ, עמעצן פֿון פֿרעמדע און שלעכטע
אידייען. מיט ז י ך — ביסלעכווײַז
אויסניכטערן זיך ←.
אַוועקנ(י)כפּהן — [...ניכפּען, נעכפּען]
נ(י)כפֿה אַוועק, ~געננ(י)כפּהט. אוטוו —
אַוועקפֿאַלן מיט אַן אָנפֿאַל ▯ פֿון עפּילעפּסיע.
קללה: אַ, זאָלן זיי! טרוו — פֿאַרקרענקען.
קללה: אַ, זאָלן זיי עס אויף דאָקטוירים.
אַוועקניסן — ניס אַוועק, ~גענאָסן (אויך:
~געניסט). אוטוו — 1. אָנהייבן אָדער אַ

לענגערע צײַט ניסן. אַ, אויפֿן אמת. 2. ניסן
אין אַ זײַט. אַ, קיינעם ניט צו באַשפּריצן.
טרוו אַוועקיאָגן, אַוועקטרײַבן דורך ניסן.

אַ אַ פֿעדער.

אַוועקניסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקניסן.
אַוועקניפּן —. טרוו. ניפּ אַוועק, ~געניפּט.
אַוועקכאַפּן, אַוועקשלעפּן בשתּיקה. „איך האָב
געפּרוּווט אַמאָל בײַ אים אַ, דעם חלף“, פּרץ,
'יענקל פּעסימיסט'. פּרגל: אויסניפּן, אויסנופּן.]
אַוועקניץ — דער. מצ נב. אַקט פֿון
אַוועקניצן. אַ, פֿון מאַטער אַלן.

אַוועקניצונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַוועקניצן שׂכלדיקע אַ'.

אַוועקניצן — טרוו. ניץ אַוועק, ~געניצט.
1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט ניצן. אַ,
אַ כּלי יאָרן און יאָרן. 2. אינגאַנצן פֿאַרטאָן,
אויסבּרענגען. א, אַ מאַטעריאַל, ס'זאָל גאָרניט
בלײַבן. מיט זיך = ווערן ווייניקער,
שוואַכער אע; פֿאַרלירן קוואַליטעט, קוואַנטיטעט

מדרגותווײַז אָדער בּיזן סוף. אַ, זיך פֿון
אַרבּעט פֿון עלטער.

,

אַוועקניצעוודיק — אדי. נעאָל. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) אַוועקניצן. אַ'ע מאַטעריאַלן.
אַוועקניצעוודיקייט — די (דאָס), ־ן.
מעגלעכקייט אַוועקצוניצן; פֿעאיקייט
אַוועקגעניצט צו ווערן. אַ, פֿון רעזערוון.
אַוועקניצעוועז — טרוו. ־צעווע אַוועק, ~
געניצעוועט. 1. דזוו אַוועקניצן ←. 2.
איבּערניצעווען, איבּערנייען אַן אָפּגעטראָגענעם
מלבּוש אַז די לינקע זײַט זאָל ווערן די
רעכטע, דער אויבּן. אַ, אַ מאַנטל.
אַוועקניצעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקניצן. אַ ניט־
שׂכלדיקע אַ, פֿון מאַטעריאַלן.
אַוועקניצער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. ווער
עס ניצט אַוועק. „זי איז ניט קיין נייטערין,
דערווײַל איז זי נאָר אַן אַ'קע פֿון לײַוונט“.
אַוועקניצערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
--

פֿון אַוועקניצן.
אַוועקניצעריש — אַדי. וואָס איז געשטעלט
אויף אַוועקניצן עמעצנס מי פֿעאיקייטן;

עקס,

פלואַטאַטאָריש.

אַוועקנעמען

אַוועקניקערן — טרוו. ניקער אַוועק, ~ געניקעדט. < נעקר. אַוועקרײַסן מיט די וואָרצ□ען. אַ, ווילדגראָז.

אַוועקנישטערן — אוטוו. נישטער אַוועק, ~געגישטערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט נישטערן, שטאַרק זוכן. אַ, אין אַלע ווינקעלעך.

אַוועקנמשלען — [...נימשלען] טרוו. נמשל אַוועק, ~געגמשלט. אַ לענגערע צײַט אָדער מיט מאַטערניש, ניט־געראָטן, אַרויססירן דעם נמשל, דעם מוסר־השׂכּל, איר. אַ, אַ טאָרבּע פֿלעקער.

אַוועקנעבּעכן — ־בּעך אַוועק, ~געגעבּעכט.

אוט□ו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט זיך אויפֿפֿירן ווי אַ נעבּעך. טרוו — בּאַקומען אָדער אַוועקגעבּן עפּעס מיט אַ נעבּעך. אַ, עפּעס פֿון עמעצן. מיט ז י ך — מאַכן אַן אָנשטעל פֿון געפֿאַלענעם, געשלאָגענעם, אָן בּוח.

אַוועקנע.Iונד(עווע)ן — [...נאַוועגאַ'ד...]
אוטוו. נע־ונד(עווע) אַוועק. ~גענע־ונד(עווע)ט.
אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרומוואָגלען.
אַ אַ גאַנץ לעבן; פֿאַרלאָזן די היים און אַ'.

אַדועקנעכטיקן — אוטוו. ־טיק אַוועק, ~
גענעכטיקט. ווי ניט איז פֿאַרבּרענגען די נאַכט.
אָ, אויף אַ באַנק אין בית־מדרש.
אַוועקנעם — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון
אַוועקנעמען.
אַוועקנעמונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקנעמען. די אַ, פֿון זאַכן.
2. אַוועקרויבונג פֿאַרכאַפּונג. „אָפּגעטאָן
האָט זיך דער כּבֿוד פֿון ישׂראל וועגן דער
אַ, פֿון דעם אָרון פֿון גאָט“, תּי, שמואל א,
ד, 21.
אַוועקנעמיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען
אַוועקגענומען ווערן. אַ'ע חפֿצים.
אַוועקנעמען — טרוו. נעם אַוועק, ~גענומען
(אויך ~גענעמען). 1. ניט איבערלאָזן דאָרטן
וואו עס איז; אַוועקטראָגן, אַוועקשטעלן
אַנדערשוואו. אַ, די לײַכטער פֿון טיש. “מן טערף
[= דאַרף] דען (שמש) ניט איין וועק נעמן פֿון

די (חנוכּה) ליכט״, קהלת שלמה, אמשט 1744 צג/בּ. אַ, די האַנט פֿון האַרצן =

.

ווערן גרויסמוטיק פֿרײַגעביק, ברייטהאַרציק.

,

2. צונעמען אויף אַ ווײַל (כּדי צוריקצוקערן שפּעטער). אַ, די פּעקלעך פֿון די געטט. „דער סאָלדאַט האָט בײַ זיי אַוועקגענומען די זאַכן און זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ חדר אַרײַן״, ממוס, מסעות. „אַז גאָט וויל איינעם שטראָפֿן, נעמט ער דערווײַל (ראשית־כּל) דעם שׂכל אַוועק״, שוו. „האָט ער גענעכטיקט אַליין אין פֿעלד, איז ער איבּערגעשראָקן געוואָרן, איז בײַ אים אַוועקגענומען געוואָרן דער כּוח״, נחב, ,מעשׂה מחכם ותּם,. אַ, דאָס לשון = א) שטאָרק

.

איבּערראַשן; בּ) צונעמען די מעגלעכקייט צו ענטפֿערן, צו האָבּן טענות.

3. צונעמען אויף שטענדיק. „אַז מע ישובֿט זיך צו פֿיל, נעמט דער אַנדערער דערווײַל אַ פּרנסה אַוועק״, שוו. „אובֿ איין יורש ווער אַנדערש וואו אינ, וועלט זיין חלק ירושה אַוועק נעמין, דאָ איז ער מחויבֿ פֿור מיט דעם קהל אָפּ חשבּנין,,, תּקק. „דאָס גוטס

און חשובֿע זאַבן וואָס...געהערן צו דער

אַוועקנעמען זיך

נשמה...דאָס קען קיין אַנדערער בײַ דיר ניט
אַ',,, חה, בּ, 197.

4. אַוועקפֿירן אין אַ זײַט אַוועקרופֿן.

.

,,פֿלעגט ער זי אַ, צו זײַן טישל און מכבּד
זײַן מיט אַ גלאָז לימאָנאַד'', אַר, ,אַ צנועה אין
קאַבּאַרעט'. ,,ער האָט געוואָלט קלאָר מאַכן
דעם ראַבּינער ..האָט ער אים אונטער דער
האַנט אַוועקגענומען,,, בּערג, אין אַ
פֿאַרנדעבּטער שטאָט. ,,ער האָט געוואוסט מיט
וואָס אַוועקצונעמען די אויפֿמערקזאַמקייט
פֿון...'', אָפּאַ, אונטערוועלט.

5. אָפּטאָן, דערווײַטערן. אַ, דעם חסד, אַ,
די מידה פֿון רחמים. ''דײַן הייליקן גײַסט
זאָלסטו ניט אַוועקנעמען פֿון אונדז'', ממוס,
שלמה.

6. צוריקנעמען וואָס מע האָט געהאַט
געגעבּן. אַ, די ליאַלקע, די מתּנה. ,,דיא דרייא
שותּפֿים זיינן בּייא דם מענשן בּישאפֿן:

הקבּ״ה און דר פֿאָטר און מוטר. נון, ווען
דער מענש שטערבּט דאָ נעמט הש,,י זיין
חלק אַוועק,,, לט1, 1/153.

7. פֿאַרטרייַבּן, פֿאַריאָגן. אַ אַ קרענק, אַן
,
עין־הרע. אַ, ווי מיט דער האַנט. ,,פֿרעמדע
דאגות נעמען ניט אַוועק דעם שלאָף“, שוו.
,,דו האָסט אַוועקגענומען אַ נפֿש פֿון זײַן
פֿאָלק, עס זאָל זיך דערמיט ניט אָנגעהערן,,,
ממוס, אַ גרויע האָר,. ,,לימענע — האַלט זי
,
פֿון תּמיד — נעמט אַוועק אַלערליי
בּענקשאַפֿט ווי מיט די הענט,,, בּערג, בּײַם
דניעפּער II.

8. אָוועקכאַפּן, צונעמען איבּערגוואַלד,
אַוועקרויבּן. ,,דר שׂר האָט ליפּמן כּמעט כּל
אַשר לו אַוועק גינומן...“, פּראָגבּ, 16. ,,האָט
זיא...געזעהן העט וויא איין בּ״י העט התּינוק
שלה אַוועק גינומין“, ,כּ,,י וועגן מעצער
עלילתדם', 9 16 [פֿש III]. ,,אזו האָט ער דיא לייט
דאז איריגש אַוועק גינומן“, 'איין נייא קלאָג
ליד פֿון חורבּן ק,,ק וורמיישא , [פֿש III]. ,,מע
פֿירט זיי אומישנע מיט רויטע קעלנער, וואָרן
מע וועט זיי שפּעטער אַ, פֿאַר זעלנער,,,

טעיאַטאָר. ׳. אָרויסראַטעווען. אַ, פֿון תּפֿיסה, פֿון הונגער־נויט. „האָבן מענטשן געוואָלט זי אָ, פֿון דאָרטן כּדי זיי זאָלן ניט ניזוק ווערן“, מע׳Iה אומן.

אַוועקנעמען. זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אָפּקערן, זיך אָפּווענדן. „נעמט מען זיך פֿון רעכטן וועג אַ קאַפּ אַוועק, ווערט מען... פֿאַרפּלאָנטערט גאָר אַ שרעק„, ממוס, יודל.

אַוועקנעמעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקנעמען. „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַ,? וואָס ביסטו דאָ געוואָרן אַ בעל־הבית?“, רייד.

אַוועקנעמער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס נעמט אַוועק. „עש גיבט קיין מיכס איין נעמר, וועז ניט זיין גנצה משפּחה זיין אנדרה לייטנש בלוט און געלט וועגין מיכס אַוועק נעמר“, עיון, 1/13.

אַוועקנעמעריש — אַדי. וואָס איז אין דער טבֿע פֿון אַוועקנעמער, אין אַוועקנעמען.

אָוועקנעמערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אַוועקנעמעריש.

אַוועקנעצן — נעץ אַוועק, ~גענעצט. אומפּ — 1. רעגענען. 2. (בּלשון סגינהור) זיו אָנצינדן, פּלוצעם ווערן אַ שׂריפֿה. ס'האָט אַוועקגענעצט אין מיטן נאַכט. טרוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט נעצן. אַ, וועש. אַ, הײַזעלעך בּיז פֿינף יאָר.

אַוועקנערן — טרון. נער אַוועק, ~גענערט. אַ לענגערע צײַט שפּײַזן, מפֿרנס זײַן. אַ, אויך די או געוואַקסענע קינדער.

אַוועקנסיההן [...נעפֿי'כען] נפֿיחה אַוועק, ~גענפֿיחהט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרויסלאָזן פֿון זיך שלעכטע לופֿט (גראָבּ). טרוו — מיט שלעכטן ריח פֿאַרטרײַבּן פֿון זיך (גראָבּ). „דער אַלטער תּרח נפֿיחהט אַוועק פֿון זיך זײַנע קונדן", רייד.

אַוועקנפֿלען — [...נייפֿלען] טרוו. נפֿל אַוועק, ~גענפֿלט. מאַכן אַן אַבּאָרט (גראָבּ). אַ, דעם ממזר.

אַוועקנפֿקהן — [...נאַ'פֿקען] נפֿקה אַוועק, ~גענפֿקהט. אויך: ~נפֿקאן. אוטוו —

אָנהייבּן (אָדער אַ לענגערע צײַט) זיך אויפֿפּירן
ווי אַ זונה. (גראָבּ). „פֿון הונגער
אַוועקהאַוועקן איז בּעסער ווי אַ"", שוו. טדוו —
בּמקום־וואָרט פֿאַר אויסגעלאַסענע אָדער
גנבֿישע טואונגען מיטן בּ צונעמען אָדער
אויסנאַרן.
אַוועקנתנען — [...נאַ'סענען] טרוו. נתן אַוועק,
~געגנתנט [...נאַסנט]. 1. אַוועקגעבּן,
צוריקגעבּן (געוויינטלעך אין שײַכות מיט אומרעכט,
גניבֿה, קללות). אַז מע כאַפּט אים, נתנט ער
אַוועק. אַ, קללות ווי אַ מאַרק ייִדענע. 2.

אויטפּאַטשן, אָנבּרעכן די בּיינער אַ אַ מתּנת־יד.
, —
אַוועקסאַזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~
געסאַזשעט. 1. אַוועקשמירן מיט סאַזשע, רוס.
אַ אָ ווײַסן בּגד. 2. מאַכן גאָר אַ שלעכטן
,
נאָמען. אַ, עמעצן ער זאָל זיו מער ניט
קענען ווײַזן פֿאַר מענטשן.
אַוועקסאַטירעווען — טרוו. ־רעווע אָוועק,
~געסאַטירעוועט. נעאָל. מבֿטל מאַכן דורך
סאַטירע, בּייזן אָפּלאַכן. אַ, די מאָדערניסטן.

אַוועקסאָטען — טרוו. ־טע אַוועק, ~
גּעסאָטעט. אוקר. אַוועקנעמען פֿון בּינשטאָק
סאַטעס [= טאָוולען] האָניק.
אַוועקסאָכניען — ־ניע אַוועק, ~
גּעסאָכניעט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע
צײַט אײַנטריקענען, אײַנדאַרן (איבּער
קראַנקייט, בּענקעניש אאַ). אַ, פֿון היץ; אַ, נאָך
עמעצן. טרוו — אויסטריקענען. אַ, פֿיש
אויף דער זון.

אַוועקסאַלאַפּען ▯. אַקוזוו. ־פּע אַוועק,
~גּעסאָלאָטעט. לאָקל, טשערנאָבּיל. דזוו
אויססאָלאַפּען ←.
אַוועקסאַפּען, ~סאָפּען — ־פּע אַוועק,
~גּעסאָפּעט (־סאַפּעט). אוטוו — 1. אָנהייבּן
אָדער אַ לענגערע צײַט אָטעמען טיף און
אָפּגעהאַקט, שווער און גיך. אַ, ווי אַ ניט־דערקור.
לעטער. 2. דערווײַטערן זיך סאָפּענדיק. דער
לאָקאָמאָטיוו סאַפּעט אַוועק. טרוו —
אַוועקבּלאָזן, אַוועקיאָגן דורך סאָפֿען. אַ אַ פּאַפּירל.
,
אַוועקסאַ ▯ (אָ)פּעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקסאָפּען.

אַוועקסטידען

אַוועקסאַקאָטשען — ־טשע אַוועק, ~
גועסאַקאָטשעט. אוקר. אוטוו — אָנהייבן אָדער
אַ לענגערע צײַט קוואָקען. די הון האָט
אַוועקגעסאַקאָטשעט. טרוו — אַוועקפֿלוידערן,
אַוועקפּלאַפּלען. אַ, בײַקעס און קאַזאַלעס.
אַוועקסאַרווערן — ־ווער אַוועק, ~
גועסאַרווערט. אוטוו — זיך פֿאַרנעמען מיט סאַר
ווערן אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ גאַנץ לעבן
אויף פֿרעמדע חתונות. טרוו — 1. (
פֿאַרענדיקן) דערלאַנגען צום טיש. אַ, אַ
מאָלצײַט. 2. אַוועקטײלן דאָס צוגעגרייטע צו
אַ מאָלצײַט.
אַוועקסאָרטירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקסאָרטירן. אַ, פֿון
אַלטע זאַכן.
אַוועקסאָרטירן — טרוו. ־טיר אַוועק,
~גועסאָרטירט. 1. דזוו אויססאָרטירן ←.
2. אַוועקנעמען בײַם סאָרטירן. אַ, די
האַלבצוגעפֿוילטע פּירות.
אַוועקסאָרטעווען — דזון אַוועקסאָרטירן ←.
אַוועקסדרן — [...סאַ'דערן, סײַ'דערן] טרוו.
סדר אַוועק, ~געסדרט. ביזן סוף אײַנשטעלן
אַ סדר, אַן אָרדענונג. אַ, די חפֿצים אין הויז.

אַוועקסדרן — [...סײַ'דערן] אַקוזוו. אָפּריכטן, פּראַוועז דעם סדר לענגער ווי געוויינטלעך. אַ, דעם סדר בּיז נאָך האַלבער נאַכט.

אַוועקסודיען — טרוו. ־דיע אַוועק, ~ געסודיעט. סל. 1. אַוועקמשפּטן ←. 2. אַוועקנעמען דורך סוד, משפּט. אַ, פֿון עמעצן וואָס ער האָט אומגעזעצלעך פֿאַרכאַפּט. אויך מיט ז י ך. אַ, זיך מיט אַ שכן איבער אַ שטיקל פֿעלד.

אַוועקס▯דען זיך — [...סוידען...] אוטוו; קזוו. זיך זאָגן סודות אַ לענגערע צײַט; רעדן צווישן זיך שטיל, אַזוי ווי בײַם דערציילן סודות.

אַוועקסווישטשען — טרוו. ־שטשע אָוועק, ~געסווישטשעט. סל. אַוועקפֿײַפֿן ←.

אַוועקסטאַטקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך אַוועק, זיך ~געסטאַטקעוועט. אַ לענגערע צײַט אַרבּעטן אויף זיך צו ווערן אָנשטענדיק, ווערן אַ סטאַטיק. אַ, זיו אויף די עלטערע יאָרן.

אַוועקסטאַרטשען —. אוטוו. ־טשע אַוועק, ~געסטאַרטשעט. 1. קלעקן, זײַן גענוג בּיזן סוף. די תּבֿואה וועט אַ, בּיזן נײַעם גערעטעניש. 2. אָפּשטיין, ניט פּאַסן ווי געהעריק. דער ק▯ער סטאַרטשעט אַוועק.

אַוועקסטאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אַוועק, זיך ~געסטאַרעט. סל. אָנהייבן אַדער אַ לענגערע צײַט זיך שטאַרק באַמִיִען עפּעס אויפֿצוטאָן, צו דערגרייכן. אַ, זיך פֿאַר אַ זון, מע זאָל אים ניט צונעמען אין סאָל⸮אַטן.

אַוועקסטופּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~ געסטופּעט. אוקר. ביזן סוף צעקלאַפּן עפּעס אין אַ סטופּע, הילצערן שטייסל. אַ, מצה אויף פֿאַלירטשיקעס.

אַוועקסטוקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געסטוקעט. סל. אַוועקקלאַפּן; אַוועקשטויסן, צעשטויסן. אַ, אַ באַלעם; אַ, עמעצן פֿון אָרט.

אַוועקסטידען — טרוו. ־דע אַוועק, ~ געסטידעט. (יִידישע קאָלאָניעס, אוק). ביזן סוף מאַכן סימנים (אויף פֿערד, קי, דורך אויסשערן

אַוועקסטײַען

אָדער אויסברענען האָר, אויסברענען אָדער אויסקריצן אויף קאָפּיטעס, הערנער). אַ, די גאַנצע כודאָבע.

אַוועקסטײַען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. סטײַעט אַוועק, ~געסטײַעט. ביזן סוף קלעקן, זײַן גענוג פֿאַר אַלץ, אַלעמען. עס סטײַעט אַוועק

פֿאַר אַלעמען.
אַוועקסטירטשען — ־סטירטשע אַוועק,
~געסטירטשעט. ~סטערטשען. סל. אוטוו
— אַוועקשטעקן. אַ, ווי אַ הויקער. טרוו —
אַרויסשטעלן. אַ אַ פּאָר גרויסע אויגן.

אַוועקסטעמפּלען — ← אַוועקשטעמפּלען.
[אויך אין אַ צאָל געגנטן וואו מע פּלאָנטערט
ניט ש:ס].
אַוועקסטעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע אַוועק,
~געסטעמפּעוועט. אוקר. אַוועקנעצן,
אַוועקשפּריצן אַ מלבוש פֿאַרן פּרעסן (שנײַדעריש).
אָוועקסטערווען — ־ווע אַוועק, ~געסטער
וועט (גראָב). סל. אוטוו — אַוועקפּגרן. אַ, פֿאַר
קעלט און הונגער. טרוו — אַוועקנעמען דורך
געמיינע מעשׂים. אַ, פֿון עמעצן דאָס לעצטע.
אַוועקסטערטעווען — טרוו. ־עווע אַוועק,
~געסטערטעוועט. צונויפֿשאַרן, צונויפֿלייגן
אין סטערטעס, סטויגן, קופּעס. אַ, היי, תּבֿואה.
אַוועקסטראַדײַען — אוטוו. ־דײַע אַוועק,
~געסטראַדײַעט. אויך: ~סטראַדאַיען.
סל. לײַדן, אָפּקומען אַ לענגערע צײַט. אַ, בײַ
שווערער אַרבעט, אין סלוזשבע.
אַוועקסטראָיען — טרוו. ־יע אַוועק, ~

געסטראָיעט. סל. 1. אָוועקבויען, אַוועקשטעלן. א אַ הויז. 2. אַ לענגערע צײַט אײַנאָרדענען

(אַ ווירטשאַפֿט). אַ, די בעל־הבתּישקייט.
3. אַוועקשטעלן (זעלנערס) אויף אַ
מיליטערישן אופֿן. אַ, די קאָמאַנדע. אויך מיט ז י ך.
אַוועקסטראָיעניש — דאָס (די), ־ן.
פֿראָצעס פֿון אַוועקסטראָיען (זיך). אַן אַ, ווי צו אַ טאַנץ.
אַוועקסטראַשען — טרוו. ־שע אַוועק, ~ געסטראַשעט. אַוועקשרעקן, מיט סטראַשונקעס אָפּווענדן פֿון עפּעס. אַ אַן אַפּיקורס מיט

חיבוט־הקבֿר. „אַז איינער האָט אַ בעסערע
קאָרט, נעמט ער נאָך ניט אויס, דען דער
צווייטער קען אים אַ',,, ש. ווינטער, 'קאָרטנשפּראַך, [פֿש I].
אַוועקסטריגעוועז — טרוו. ־געווע אַוועק, ~געסטריגעוועט. אַרויסנעמען די פֿאַ(ר) סטריגעס, די צײַטווײַליקע פֿעדעם.
אַוועקסילוקן — [...סי'לעקן] טרוו. סילוק אַוועק, ~געסילוקט. 1. אינגאַנצן אָפּצאָלן, אויסצאָלן. אַ, ביזן לעצטן גראָשן. 2. אַ לענגערע צײַט, בּיסלעכווײַז אויסצאָלן. אַ, דעם

חובֿ גראָשנוויז.
אַוועקסילען — טרוו. ־לע אַוועק, ~געסילעט.
אוקר. דזוו אויססילען ←.
אַוועקסינקעוו — טרוו ־ דוען. דורך
ען .
עווע אַוועק,
~געסינקעוועט. אויך: ~סינ(י)
אַרײַנטאָן סינקע (בלויעכץ, בלויס), בײַם
וואַשן וועש באַפֿרײַען פֿון פֿלעק(ן) אָדער אָ
דעפֿעקט בײַם וואַשן. אַ, די פֿלעקן פֿון
לײַלעך.
אַוועקסך־הכּלען — [...סאַכ(ה)אַ'קלען] טרוו.
[איצ, אימפּ נבֿ.] ~געסך־הכּלט. (סוחריש) בײַם

1()1

אונטערציִען דעם סך־הכּל, בײַם מאַכן
ענדגילטיקן חשבון, קומען צו אַן אויסגלײַך ווענו
פּרטים. אַ, דעם אונטערשייד.
אַוועקסלוזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~
געסלוזשעט. סל. 1. אַוועקדינען ←. אַ, פֿאָניען
די בעסטע יאָרן. 2. אַוועקדינען עמעצן
קנעכטיש. איר. אַ, דעם אָדון־בפֿקדו (←) ווי דער
ראַבער הונט סירקאָ.

אַוועקסליאַדען — ־אַדע אַוועק, ~
געסליאַדעט. סל. אוטוו — אַ לענגערע צײַט איבערלאָזן
שפּורן, סליאַדן. דער שליטן, די חיה וועט אַ,
אויפֿן שניי. טרוו — אַ לענגערע צײַט
נאָכגיין נאָך די סליאַדן (כּדי צו געפֿינען, כאַפּן).
אַ אַ חיה.

אַדוועקסליההנען — [...סלי'כענען] טרוו.
סליחה אַוועק, ~געסליחהט, (אויך: ~
געסליחהנט). אַוועקגנבֿענען. אַ, עפּעס פֿון אונטער
די הענט (בײַ גנבֿים, וואוילע־יונגען).
אַוועקסלינ(י)ען — סלינ(י)ע אַוועק, ~
געסלינ(י)עט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט לאָזן סלינע, שפּײַעכץ. טרוו —
באַדעקן עפּעס מיט סלינע. אַ, דאָס סערוועטל.
אַוועקסל(י)עדעווען — טרוו. סל(י)עדעווע
אַוועק, ~געסל(י)עדעוועט. סל. פֿאָרשן,
מאַכן אַן אויספֿאָרשונג (מצד געריכט,
אַדמיניסטראַציע) אַ לענגערע צײַט. אַ, די דיעלע,
דעם ענין אַ פּאָר יאָר.
אַוועקסמאָטשקען, ~סמאָצקען
.1
אַוועק— טרון.
־קע אַוועק, ~געסמאָטש(־סמאָצ)קעט.

זויגן, אַוועקזייגן 2. אַוועקקושן (פּעיאָ).
אַוועקסמאַל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אַוועק,
~געסמאַל(י)עט. 1. אַוועקנעמען, באַפֿרײַען
דורך אַרומבּרענען מיט אַ קלייו פֿײַערל. אַ,
די פֿעדערן, די האָר. 2. אַרומבּרענען אַ
לענגערע צײַט מיט אַ קליין און רייכערנדיק
פֿײַערל. אַ אַלע כּפּרות. 3. אָנהייבּן אָדער אַ

,
לענגערע צײַט טאָן מיט גרויס אימפּעט,
קוראַזש. אַ אַ וועלט.

,
אַוועקסמאָלען — טרוו. ־לע אַוועק, ~
געסמאָלעט. 1. בּיזן סוף באַדעקן אָדער
אָנזאַפּן עפּעס מיט סמאָלע. אַ, די רעדער.
2. אַוועקשמירן מיט קויט. אַ, דעם קאָלנער
פֿון העמד.
אַוועקסמאָקטשען — דזוו
אַוועקסמאָטשקען ..
אַוועקסמאַקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק,
~געסמאַקעוועט 1. אַ סך מאָל עפּעס טועם
זײַן פֿאַרזוכן דעם טעם (בּיזן אויפֿעסן
אינ,
גאַנצן). אַ, וואָס מע האָט צוגעגרייט פֿאַר

געסט. 2. אויפֿעסן מיט הנאה. אַ, די שבֿתדיקע מאכלים.

אַוועקסמאַקעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך קוויקן, הנאה האָבן פֿון עסן, טרינקען. אָ, זיך מיט אַ פֿעטן ביסן. 2. אויסדריקן גראָבע הנאה פֿון חושימדיקע שפּירונגען. אַ, זיך מיט פּאָרנאָגראַפֿישע בילדלעך. 3. זיך קוויקן מיט עפּעס וואָס פֿאַרשאַפֿט הנאה מחמת אדמאיידעלע מאָטיוון. זיך אַ, מיט אַ נײַער פּליאָטקע.

אַוועקסמאָרען — ־רע אַוועק, ~געסמאָרעט.
אוטוו — אַוועקכראָפּען. אַ, מיט דער נאָז.
טרוו — אַוועקבלאָזן. אַ, אַ פֿעדער פֿון דער נאָז.

אַוועקסקאַליען

אַוועקסמאָרעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקסמאָרען, אַוועקסמאָר(ק)ען. אַן אַ, מיט דער נאָז. אַן אַ, פֿון פֿריש אָנגעטאָנענע מלבושים.

אַוועקסמאָר(ק)ען, ~סמאַרקע(ווע)
~סמאָרקע(ווע)ן — טרוו. ־רע, ־קע(ווע) אַוועק; ~געסמאָר(ק)עט, ~געסמאַרקע(ווע)ט,

~געסמאָרקע(ווע)ט. 1. אַוועקשנײַצן (גראָבלעך). 2. אַוועקשמירן, אַוועקשמוציקן. אָ, אַ בגד.

אַוועקסמאָר(ק)עניש, ~סמאַר(ק)עניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקסמאָר(ק)ען, ~סמאַר(ק)ען.

אַוועקסמונג — [...סאַמונג] די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקסמען. אַן אויסגערעכנטע אַ..

אַוועקסמיקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~געסמיקעט. 1. במקום־ווערב פֿאַר אַ צאָל טואונגען אויף דער גיך: אַוועקצופּן, אַוועקכאַפּן אע; אַוועקגנבֿענען; אַוועקלויפֿן אע. אָ, אַ גרויע האָר פֿון קאָפּ; אַ, פֿון פּאָליציי. 2. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שלעכט אויסשפּילן אויף אַ פֿידל. אַ, ווי אַן אַלטער קלעזמער.

אַוועקסמען — [...סאַמען] טרוו. סם אַוועק, ~געסמט. 1. פּטור ווערן דורך פֿאַרסמען. אַ, מײַז. 2. קאַליע מאַכן דורך סם (אויך פֿיג). אַ, די לופֿט. אַ, די מוחות מיט שנאה, אַפּיקורסות. 3. רואינירן, צעשטערן דאָס לעבן. „ער האָט גענומען און אַוועקגעסמט אונדז אַלעמען“, ש״, 'דרײַ אַלמנות'.

4. אומבּרענגען דורך סם. „ווען מע האָט אויפֿגעהאַנגען, ווען מע האָט אַוועקגעסמט“, שע, פֿון כּתרילעווקע.

אַוועקסמעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקסמען. סיסטעמאַטישע אַ, דורך ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע.

אַוועקסעכערן — טרוו. ־כער אַוועק, ~ געסעכערט. דזוו אויססעכערן ←.

אַוועקספּאַזמירן — אוטוו. ־מיר אַוועק, ~(גע)ספּאַזמירט. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט זײַן אין צושטאַנד פֿון ספּאַזמע. אַ, פֿון אַן אויפֿרעגונג.

אַוועקספּעקולירן — ־ליר אַוועק, ~(גע)־ספּעקולירט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט ספּעקולירן. אַ, מיט וואַלוטע און אָנווערן דעם פֿאַרמעגן. טרוו — אַבּסטראַהירן; בּאַפֿרײַען פֿון עפּעס אין געדאַנק, אַוועקטראַכטן. אַ, די חושימדיקע וועלט.

אַוועקספּראַוועןזיך־— אוטוו. ־ווע זיך אַוועק, זיך ~געספּראַוועט. זײַן אין שטאַנד צו בּאַהערשן, אויפֿצוטאָן. אַ, זיך מיט אַלע שוועריקייטן; אַ, זיך מיט אַ קעגנער.

אַוועקסקאָוויטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק, ~געסקאָוויטשעט. אויך: ~סקאַוויטשען.

פּר. אַוועקבּילן מיט אַ געיאָמער. אַ, ווי אַ
געשלאָגענער הונט.
אַוועקסקאַליעטשען — טרוו. ־טשע אַוועק,
~געסקאַליעטשעט. אָפּט מיט ז י ך. סל.
דזוו אַוועקקאַליעטשען ←.
אַוועקסקאַליען — ־ליע אַוועק, ~
געסקאַליעט. סל. אַקוזוו — אַרויסשטעלן, (אויס)־
שטשירען (וועגן ציין). אַ, די ציין. (לאָקל,

אַוועקסקראַבּען

טשערנאָבּיל, קיִעוו). טרוו — אַוועקהאַקן
דינע שטיקלעך. אַ, סאָסנאָווע סקאַלקעס צום
אונטערהייצן.
אַוועקסקראַבּען — טרוו. ־בּע אַוועק, ~
געסקראַבּעט. אויך: ~סקראָבּען, ~
שקראַ עַן. אַוועקקראַצן, אַוועקשאָבּן. אַ, טייג פֿון
מולטער.
אַוועקסקראַבּעניש, ~סקראָבּעניש —
דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אַוועקסקראַבּען, ~סקראָבּען.
אַדועקסקריטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק,
~געסקריטשעט. פּפֿ: ~קריטשען.
אַוועקקריצן. אַ, מיט די ציין פֿון כּעס. אויך:

~סקר􏰀ען, לר.
אַוועקסקריפּען — ־פּע אַוועק, ~געסקריפּעט. אוטוו — 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן גרילציקע קלאַנגען. אַ, מיט די טירן, מיט די נײַע שטיוול. 2. זיך אַוועקלאָזן, זיך דערוויטערן מיט אַ סקריפּען. „סוףכּל־סוף האָבן זיך די פֿורן געריכט פֿון אָרט [און] אַדועקגעסקריפּעט אַראָפּ שטאָט„, בערג, אָפּגאַנג. טרוו — אַוועקגרילצן, אַוועקכריפּען. אַ, אַ ניגון.
אַוועקסקריפּעניש — דאָס (ד􏰀), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקסקריפּען.
אַוועקסראַטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געסראַטשעט. אָפֿט מיט ז י ך. וואול. 1. באַקומען אַ שלשול. אַ, דאָס אייער־אייערנעכטיקע. 2. מאַכן גיך און שלעכט אַן אַרבעט. אַ, אַ שטיקל אַרבעט.
אַוועקסרהע(נע)ן — [...סאַ'רכענען] סרחע (סרחן) אַוועק, ~געסרחעט (~געסרחנט). גראָב. אַוועקשטינקען ←.
אַוועקסרסרן — [...סאַ'רסערן] טרוו. סרסר אַוועק, ~געסרסרט. אַוועקמעקלערן ←.
אַוועקעגבערן — טרוו. ־בער אַוועק, ~געעגבערט. אַוועקבויערן, אַוועקדרילן. אַ, אַ לאָך.

*א, דאָס האַרץ = אויסעסן דאָס האַרץ
פֿאַר—   ,
שאַפֿן אַ סך האַרצווייטיק.
אַוועקעוקרן — [...אוי'קערן] עוקר אַוועק,
~געעוקרט. אוטוו — פֿאַרלאָזן אַן אָרט,
ניט ווערן. אַ, פֿון דער היים אין דער פֿרעמד
אַרײַן. טרוו — רואינירן, מאַכן אַ תּל. עוקר
מן השורש זײַן. אַ, עמעצן פֿון אַ פּרנסה.
אַוועקעט — אדוו, זוו, קאָנווערבֿ
פֿאָלקס
טימלעכע פֿאָרעם פֿון אַוועק (אָפֿט בײַם סוף
פֿון זאַץ). „דו קלײַבסט צונויף אַ וועלט מיט
מענטשן און טרײַבסט זיי אַ, גלײַך ווי שאָף“,
פֿל. „אָט באַלד אָקערשט ווי מע זעט ניט,
וועט שוין דער סוכּות אויך אַ'“, שע, „דרײַ
לוחות'. „אַנו, משומד, לייג זיך אַ', אויפֿן
בענקעלע אָט אַזוי“, שע, פֿונעס יאַריד I.
אַוועקעטעמען — דזוו אַוועקאָטעמען ←.
אַוועקעיפּושן — [...איפּעשן] עיפּוש אַוועק,
~געעיפּושט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט אַרויסצוגעבן אַ שלעכטן ריח. אַ,
אַז ס'זאָל פֿאַרכאַפּן דעם אָטעם. טרוו —
פֿאַריאָגן מיט אַ שלעכטן ריח.
אַוועקעלטערן — ־טער אַוועק, ~געעלטערט.

אוטוו — אַרײַנלעבן ביז אין די עלטערע יאָרן. אַ, בײַם קאַפּול, בײַ נאָדל־פֿאָדעם. טרוו — מאַכן עלטער (אויפֿן אויסזען, מער פֿון די אמתע יאָרן). צרות האָבן אים אַוועקגעעלטערט.

1()2

מיט זיך — 1. באַקומען אַן אויסזען עלטער ווי מען איז, לויטן געזונט־צושטאַנד אָדער לויטן פֿילן זיך; ווערן (זײַן) עלטער ווי מען איז לויט די יאָרן. אַ, זיך פֿאַר דער צײַט. 2. טאָן אויף דער עלטער דאָס זעלביקע וואָס אַ גאַנץ לעבן. אַ, זיך בײַם טײַטל, בײַ די ביכער.

אַוועקעמיגרירן — אוטוו. ־ריר אַוועק, ~עמיגרירט. אַוועקוואַנדערן; עמיגרירן ערגעץ אויף שטענדיק. אַ, קיין אַמעריקע.

אַוועקענדיקן — טרוו. ־דיק אַוועק, ~ געענדיקט. 1. מאַכן עפּעס אינגאַנצן פֿאַרטיק, ביזן סוף. אַ, אַן אַרבעט און אַראָפּפּטרן אַ יאָך פֿון קאָפּ. 2. געבן לעצטן קלאַפּ, שטויס צו רואינירן, אומברענגען. אַ, די קרעמער מיט שטײַערן. 3. טייטן עמעצן וואָס איז קראַנק (האָט אַ וואונד). אַ, די וואָס זײַנען געבליבן

ליגן אויפֿן שלאַכטפֿעלד.

אַוועקענדיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. קומען צו אַ סוף. די גוטע יאָרן ענדיקן זיך אַוועק. 2. האָבן אַ סך האַרצווייטיק; זײַן שטאַרק דערדריקט פֿאַרייִאושט; פֿילן אַז

,

מע גייט ◌ יס.

אַוועקענטפֿערן — טרוו. ־פֿער אַוועק, ~ געענטפֿערט. 1. ענדגילטיק אָדער גיך ענטפֿערן. אַ, עמעצן אויף אַ פֿראַגע. 2. ענטפֿערן אויף אַ שאַרפֿן, קריגערישן אופֿן. אַ אַזוי, אַז עס

,

זאָל זיך מער ניט גלוסטן צו פֿרעגן.

אַוועקעסן — טרוו. עס אַוועק, ~געגעסן.

1. עסן ביזן סוף (אַ טייל אָדער אינגאַנצן), פֿון אַ כּלי. אַ, דאָס אייבערשטע פֿון טעפּל, ביזן דעק. 2. עסן מיט גרויס אַפּעטיט אָדער אַ לענגערע צײַט. אַ אַלץ אַז ס'זאָל דעם

,

אַנדערן ניט בלײַבן אויף קיין המוציא.

3. אַוועקבּרענען, אַ תּל מאַכן. זויערקייט עסט אַוועק אײַזן. אַ, דאָס האַרץ — פֿאַרשאַפֿן אַ

— .

סך האַרצווייטיק.

אַוועקעסן זיך — ← דפֿוו. האָבן טענות צו זיך גופֿא, האָבן פּלאָגענישן פֿון געוויסן. אַ, זיך למאַי מע האָט עפּעס פֿאַרזען.

אַוועקעסקן זיך — [...אייסעקן] אוטוו. עסק זיך אַוועק, זיך ~געעסקט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס. א, זיך מיט אַ קהלשן ענין.

אַוועקעסענען — טרוו. עפֿן אַוועק, ~ געעפֿנט. עפֿענען אינגאַנצן ביזן סוף. אַ, טיר און טויער; אַ, פֿאַר עמעצן ס'האַרץ.

אַוועקה(נע)ן — [...איי'צענען] טרוו. עצה אַוועק, ~געעצהט. 1. געבן אַן עצה עפּעס ניט צו טאָן, זיך צוריקצוהאַלטן פֿון עפּעס. אַ, עמעצן פֿון אַ געשעפֿט. איך עצה דיך אַוועק פֿון שידוך. 2. ענדגילטיק געבן אַן עצה אָדער עצות וואָס צו טאָן. אַ אַ לאַן. מיט

ז י ך — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט האַלטן מיט עמעצן אַן עצה, זיך מיישבֿ זײַן.

אַ, זיך מיט אַ גוטן פֿרײַנד וועגן אַ האַרבן ענין.
אַוועקעצן — טרוו. עץ אַוועק, ~געעצט.
אַוועקנעמען, באַפֿרײַען פֿון עפּעס אַ פֿעלער, אַ פּגימה, דורך עצן, גראַווירן. אַ, דעם מאָנאָגראַם און אויסגראַווירן בלימעלעך.
אַוועקעקזאַמענירן — טרוו. ־ניר אַוועק, ~עקזאַמענירט. אַ לענגערע צײַט עקזאַמענירן. אַ, אַ קלאַס תּלמידים. ▯, אַ מאַשין ווי

אַוועקפּאַטשעניש

זי אַרבעט. אַ, די פּריז▯וניקעס = זיי אויסהאָרכן.
אַוועקעקלען — טרוו. עקל אַוועק, ~ געעקלט. אַוועקטרײַבן דורך מאַכן עקלדיק. אַ, יעדן איידעלן מענטש מיט אַ גראָב באַנעמען זיך. אומפּ — אַ לענגערע צײַט אָדער טיף איבערלעבן דאָס געפֿיל פֿון עקל. עס עקלט מיך אַוועק פֿון אַזאַ באַנעמען זיך. מיט ז י ך — זיך אַ, בײַ אַ מיאוסער אַרבעט.
אַוועקעקן — טרוו. עק אַוועק, ~געעקט. מאַכן אינגאַנצן פֿאַרטיק (בײַ פֿאַרשיידענע מלאָכות). אַ, דעם דאַך, די בלעך.

אַוועקעקן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
1. אַוועקענדיקן זיך ←. 2. שטאַרבן, אויסגיין. אַ, זיך פֿון האַרצווייטיק.
אַוועקערגערן — טרוו. ־גער אַוועק, ~ געערגערט. 1. פֿאַרשאַפֿן עמעצן עגמת־נפֿש, יסורים אַ לענגערע צײַט. אַ, עמעצן מיט שטעכווערטער. 2. פֿאַרטרײַבן דורך ערגערן. מיט ז י ך — אַ לענגערע צײַט איבערלעבן עגמת־נפֿש, האַרצווייטיק. אַ, זיך איבער אַ צעשטערטן שלום־בית.
אַוועקפּאָגראָמירן — טרוו. ־מיר אַוועק, ~פּאָגראָמירט. אַ לענגערע צײַט פּאָגראָמירן. אַ, די באַפֿעלקערונג דרײַ טעג כסדר.
אַוועקפּאַדע(ווע)ן — אוטוו. ־דע(ווע) אַוועק, ~געפּאַדע(ווע)ט. 1. אוקר. אַוועקזוכן, אַוועקנישטערן. אַ, נאָך עפּעס אין אַלע ווינקעלעך. 2. לד, אוקר. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרומגיין אַרום עמעצן, באַדינען, זען צופֿרידנשטעלן. אַ, אַרום אַ מיידל.
אַוועקפּאַדקעווען — אוטוו. ־קעווע אַוועק, ~געפּאַדקעוועט. אוקר. אַוועקפּאַדע(ווע)ן איבער דער מאָס, אויף אַ ניט־פּאַסיקן שטייגער. אַ, ווי אַ זקן אַרום אַ יונג מיידל.
אַוועקפּאָזירן — אוטוו. ־זיר אַוועק, ~

געפּאָזירט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פּאָזירן. אַ, בײַ אַ מאָלער. אַ, פֿאַר אַן עולם.

אַוועקפּאָזעווען — טרוו. ־זעווע אַוועק, ~געפּאָזעוועט. אוקר. אויך מיט ז י ך. סל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זוכן רעכט (אין געריכט, בײַ מענטשן). אַ, עמעצן צו מענטשן = פֿירן צו אַ בוררים־געריכט.

אַוועקפּאָטאַקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק, ~געפּאָטאַקעוועט. וורר, אוקר. סל. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט צושטימען, נאָכגעבן. אַ, עמעצן אויף יעדער וואָרט.

אַוועקפּאָטראַפֿ(י)ען — טרוו. פּאָטראַפֿ(י)ע אַוועק, ~געפּאָטראַפֿ(י)עט. סל. ביזן סוף צוטרעפֿן, צופֿרידנשטעלן. אַ, עמעצן מיט אַ גוט וואָרט, מאכל.

אַוועקפּאַטשן — פּאַטש אַוועק, ~געפּאַטשט. אוטוו — זיך אַוועקלאָזן ערגעץ מיט אַן אימפּעט, אַנטשלאָסנקייט. „יוחנן האָט גענומען יאָגן ס'פֿערד...און אַליין האָט ער אַוועקגעפּאַטשט מיטן אָגער“, אָפּא, בר־כוכבא. טרוו — 1. דערווײַטערן דורך פּאַטשן. אַ, אַ פּילקע. 2. פּאַטשן אַ לענגערע צײַט. אַ, דעם בחור ביז צו דער חתונה.

אַוועקפּאַטשעניש — דאָס (די), ־ן. 1.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפּאַטשן. אַן
אַ, אָן אַ סוף. 2. שפּיל אין פּילקע וואָס

אַוועקפּאַטשער

באַשטייט אין פּאַטשן די פּילקע, זי זאָל
אויפֿשפּרינגען פֿון דער ערד און מע זאָל זי
קענען ווידער אַ פּאַטש טאָן. עס געווינט ווער
עס פּאַטשט די גרעסטע צאָל מאָל [מער
פֿאַרשפּרייט בײַ מיידלעך].
אַוועקפּאַטשער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פּאַטשט אַוועק. דער אַ, פֿון
באַל(עם).
אַוועקפּאַטשקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געפּאַטשקעט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
פּאַטשקען; שמוציק, ניט אַקוראַט, ניט־

פֿאַכמעניש עפּעס מאַכן. אַ, אַ שטיקל אַרבעט.
אַוועקפּאַטשקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפּאַטשקען. אַן
אַ, אויף גאַנצע טעג.
אַוועקפּאָיען — טרוו. פּאָיע אַוועק, ~
געפּאָיעט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
געבן טרינקען ▯וועגן בעלי־חיים). אַ, די בהמות.

2. שטאַרק אָנשיכּורן. אַ, עמעצן, ער זאָל ניט קענען אײַנשטיין אויף די פֿיס.

אַוועקפּאַכטן — טרוו. פּאַכט אַוועק, ~ געפּאַכט. אַוועקגעבן אין אַרענדע. אַ אַ גוט.

אַוועקפּאָליטור'רן — טרוו. ־טור אַוועק, ~ געפּאָליטורט. מיט פּאָליטור פֿאַרדעקן אַ פֿעלער, פּגם; אַוועקרײַבן מיט פּאָליטור. אויך: ־טורירן.

אַוועקפּאַליען — טרוו. ־ליע אַוועק, ~ געפּאַליעט. סל. 1. אַוועקשיסן. 2. אַוועקהייצן, אַוועקבּרענען. אַ, דעם אויוון אויף (בּאַקן) בּרויט.

אַוועקפּ□ לי□ □ — טרוו. ־ליר אַוועק, ~ געאַלי — דזוו אַוועקפּאָלען ←.

אַוועקפּאָ פּאָלירט. 1. פּאָלירן, גלאַט מאַכן בּיזן סוף אָדער אַ לענגערע צײַט. אַ, מעבּל. 2. דורך פּאָלירן מאַכן אומקענטיק אַ פֿעלער, פּגם. אַ, די שאַרסטיקייט.

אַוועקפּאַלמעסן — טרוו. ־עס אַוועק, ~ געפּאַלמעסט. 1. אינגאַנצן בּאַלזאַמירן. 2. גרינטלעך צעשנײַדן, אַנאַטאָמירן. אַ, דעם מת.

אַוועקפּאָלסטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~געפּאָלסטערט. פּאָלסטערן, בּאַציִען מעבּל בּיזן סוף. אַ, אַ קאַנאַפּע.

אַוועקפּאָלעמיזירן — ־זיר אַוועק, ~(גע)־פּאָלעמיזירט. אוטוו — אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ וויכוח. אַ, מיט עמעצן ועגן אַ פּאָליטישן ענין. ט□וו — מבֿטל מאַכן, צו נישט מאַכן דורך פּאָלעמיק. אַ אַ וויכטיקע

,

פֿראַגע.

אַוועקפּאָלע(נע)ן — טרוו. ־לע אַוועק, ~ געפּאָלעט. סל אוועקיעטן. אַ, די ווילדע גראָזן.

אַוועקפּאָמאַדע(ווע)ן — טרוו. ־דע(ווע) אַוועק, ~(גע)פּאָמאַדע(ווע)ט. 1. בּיזן סוף בּאשמירן מיט פּאָמאַדע, מיט אַ שמירעכץ. אַ, די האָר, די ליפּן. 2. מיט פּאָמאַדע מאַכן עפּעס אומקאָנטיק. אַ, אַ קנייטש בּײַ די ליפּן.

אַוועקפּאָמסן — טרוו. פּאָמס אַוועק, ~ געפּאָמסט. אויך: ~פּאָנסן. אַוועקפֿאַרבּן מיט פּאָמס. אַ, די ליפּן.

אַוועקפּאָמעסטיען, ~פּאָמעשטשען — טרוו. ־טיע, ־שטשע אַוועק; ~געפּאָמעסטיעט, ~געפּאָמעשטשעט. סל. לסוף געפֿינען עפּעס

א אַלע זאַכן אין קאַסטן. אַ, די געסט אויף שטולן און בענקלעך.

אַוועק□אָמפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~ געפּאָמפּעט. 1. אַוועקציִען, אַוועקזייגן פֿליסיקייט מיט אַ פּאָמפּע. אַ, דאָס וואַסער פֿון קעלער. 2. אויספּרעסן, אַרויסבאַקומען אויף כּוח. אַ, געלט דורך קאָנטריבוציעס.

אַוועקפּאָמפּעניש — דאָס (ד□), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקפּאָמפּען.

אַוועקפּאַנעווען — אוטוו. ־נעווע אַוועק, ~געפּאַנעוועט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זיך אויפֿפֿירן ווי אַ פּאַן, פּריץ (אָדער ווי אַ לאָבוס, אַ ליידיקגייער). אַ, בײַ זיך אין דער היים ווי אַ גראַף פּאָטאָצקי. אַ, און מאַכן שטוקעס.

אַוועקפּאַנצערן — טרוו. ־צער אַוועק, ~ געפּאַנצערט. אויך מ□ט ז י ך. 1. ביזן סוף באַדעקן מיט אַ פּאַנצער. 2. נעאָל. אַוועקגיין

אין קאַמף אינגאַנצן באַפּאַנצערט. ''דער ריטער פּאַנצערט אַוועק צום צוויי־פֿאַרמעסט''.

אַוועקפּאַנקעווען — [ווייכע נ] טרוו. ־קעווע אַוועק, ~געפּאַנקעוועט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט באַלעווען, פּיעשטשען, שטאַרק נאָכגעבן. אַ, ווי אַ בן־זקונימל. מיט ז י ך — איבערנעמען זיך, זײַן בײַ זיך ציטערדיק. אַ, זיך ווי אַ קראַנקער.

אַוועקפּאָנשן — אוטוו. פּאָנש אַוועק, ~ געפּאָנשט. אוקר. אויך: ~פּאָנטשענען. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זיך לאָזן וואוילגיין, זיך אַרײַנלאָזן אין שיכּורן. אַ, איידער מע גייט צום פּרינָיוו.

אַוועקפּאַסירן אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־סירט אַוועק, ~(גע)פּאַסירט פֿטמ. אויך מיט

-

ז י ך. (ביזן סוף) געשען, זיך טרעפֿן. ,,הערט, עס האָט אַוועקגעפּאַסירט בײַ אונדז אַזאַ מין מעשׂה...'', רייד.

אַוועקפּאָסמאַקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך אַוועק, זיך ~(גע)פּאָסמאַקעוועט. סל. דזוו

אַוועקסמאַקעווען זיך ←.
אַוועקפּאַסעווען — טרוו. ־עווע אַוועק, ~
געפּאַסעוועט. 1. אַוועקרײַסן, אַוועקשנײַדן,
אַוועקפֿליקן פּאַסן. אַ אַ העמד. 2. אַ
לען,
גערע צײַט (אָדער זייער שטאַרק) שלאָגן,
ממיתן. צעפּאַסעווען. אַ, שטיקער לײַב.
אַוועקפּאַסען

— דזוו אַדועקפּאַש

אַסקודז

אַוועקפּאַסקוד(י)ע(נע)ן, ~
(ש)(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע, ־דז(ש)(י)ע אַוועק;
~פּאַסקוד(י)עט, ~פּאַסקודז(ש)(י)עט.
אַוועקבּרודיקן; אינגאַנצן קאַליע מאַכן. אַ, אַ שטיקל
אַרבעט.
אַוועקפּאַפּן — טרוו. פּאַפּ אַוועק, ~געפּאַפּט.
אוועקשמירן מיט פּאַפּ; אַוועקקלעפּן. אַ,
שפּאַליר, אַ ן.
י

אַו עקפּאָפֿן — אוטוו. פּאָף אַוועק, ~געפּאָפֿט.
(זן אויך: אַוועקגעפּאָפֿן). אוועקשלאָפֿן אַ
לענגערע צײַט (אינטים, גראָבלעך). אַ, בּיזן האַלבן
טאָג אַרײַן.

אַוועקפּאַקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַוועקפּאַקן.
אַוועקפּאַקן — טרוו. פּאַק אַוועק, ~געפּאַקט.
1. פּאַקן אַ לענגערע צײַט אָדער ביזן סוף,
אָדער מיט דער דעה אַוועקצושיקן, קצופֿירן
-
.
אוועקאוו
אע. אַ, די זאַכן אין וועג אַרײַן. —

אַוועקפּאָרען זיך

לייגן אין אַ זײַט. וואו האָסטו אַוועקגעפּאַקט
די סחורה פֿון קעסטל? „ווען צו דער
עלטערער שוועסטער האָט געדאַרפֿט קומען אַ חתן,
האָבן טאַטע־מאַמע אַוועקגעפּאָקט רחלען
שלאָפֿן„, אָפּאַ, אַ בריליאַנט'. 3. אַרויספּטרן. אַ,
,
אַן אומגעבעטענעם גאַסט אויף אַן איידעלן
אופֿן. מיט ז י ך — אָוועקגיין, אַוועקלויפֿן אע
בחיפּזונדיק, בשתיקה, בגניבֿה. אַ, זיך אַז קייו
האָן זאָל ניט קיין קריי טאָן. 4. אַרײַנעסן.
אַוועקפּאָקן — אוטוו. פּאָק אַוועק, ~
געפּאָקט. 1. אַ לענגערע צײַט זײַן קראַנק אויף

פּאָקן. 2. איבּערלעבּן אַ גרויסע לײַדנשאַפֿט
צו עפּעס (אַזוי אַז מע פֿיבּערט). אַ, אויף אַ
פֿאַרלײבּעניש. אַ, אויף קאָרטן.

אַוועקפּאַקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפּאַקן.

אַוועקפּאַראַדירן . אוטוו. ־דיר אַוועק,
~געפּאַראַדירט. אויך: ~פּאַראַדעווען.
1. פּאַראַדירן אַ לענגערע צײַט. אַ, פֿאַרן
פּאַלאַץ פֿון הערשער. 2. זיך לאָזן ערגעץ
זייער אויסגעפּוצט, אויף אַ פּאַראַדנעם
שטייגער. אַ, אין די בּגדי־מלכות.

אַוועקפּאַראָדירן — טרוו. ־דיר אַוועק,
~(גע)פּאַראָדירט. אַ לענגערע צײַט נאָכמאַכן
עמעצן.

אַוועקפּאַראָנדקעווען — אוטוו. ־קעווע
אַוועק, ~(גע)פּאַראָנדקעוועט. אַ לענגערע
צײַט מאַכן אָרדענונג אָדער אַרויסגעבּן
פֿאַראָרדענונגען אויף אַן אומגעלומפּערטן
שטייגער. אַ, אין דער בּאַלעבּאַטישקייט.

אַוועקפּאָראָשען — דזוו אַוועקפּראָשען ←.

אַוועקפּאַרטאַטשעווען — ־טשעווע אַוועק,
~געפּאַרטאַטשעוועט. 1. בּיזן סוף מאַכן אַ
שלעכטע אַרבּעט. אַ, אַן אָנצוג, אַ ווערק.
2. קאַליע מאַכן אַ גוטע אַרבּעט דורכן

שלעכטן פֿאַרענדיקן זי.

אַוועק׳אָרן — טרוו. פּאָר אַוועק, ~געפּאָרט.
1. פֿאַרענדיקן אײַנשטעלן אין פּאָרן, מאַכן זיווגים. אַ, שקר מיט שלימזל. 2. פֿאַרענדיקן דורכצופֿירן באַהעפֿטונג פֿון אַן ער מיט אַ זי. א אַ טערקישן בוהײַ מיט אַ האָלענדער

,

קו.

אַוועקפּאָרסקען — ־קע אַוועק, ~ געפּאָרסקעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט צו ניסן (וועגן בעלי־חיים). אַ, ווי אַ פֿערד. טרוו — דורך פּאָרסקען אַוועקטרײַבן. אַ, די פֿליגעלעך.

אַוועקפּאָרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקפּאָרן, איר.

אַוועקפּאַרען — טרוו. פּאַרע אַוועק, ~ געפּאָרעט. 1. ביזן סוף אָדער צום טייל פֿאַרוואַנדלען אַ פֿליסיקייט אין דאַמף. אַ, וואַסער. 2. אַוועקבריִען. אַ, אַן אָפּגעסמאַל(י)עט עוף; אַ, א האַנט, אַ פֿוס. 3. אָפּשאַפֿן, פֿאַרטרײַבן מיט פּאַרע. מיט ז י ך — 1. אַ לענגערע צײַט פֿארען זיך, לאָזן זיך דורכשוויצן. א, זיך אין באָד אויף דער אייבערשטער באַנק.

2. שטאַרק שוויצן בײַ עפּעס אַן אַרבעט.
אַוועקפּאָרען — טרוו. ־רע אַוועק, ~
געפּאָרעט. סל. אַוועקטרענען. אַ, אַן אַרבל, אַ נאָט.
אַוועקפּאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אַוועק,
זיך ~געפּאָרעט. 1. אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען בײַ (מיט) עפּעט

אַוועקפּאַרעניש

אָדער עמעצן. אַ, זיך אין דער
באַלעבאַטישקייט; אַ, זיך בײַ (מיט) די געסט. 2. טאָן
עפּעס זייער צעצויגן, פּטרן אומזיסטע צײַט
(מחמת ניט קענען די זאַך). אַ, זיך בײַ עפּעס,
אַז מע זאָל קענען דערבײַ אײַנשלאָפֿן. אַ, זיך
בײַ עפּעס ווי אַ בער. 3. טאָן עפּעס אַזוינס
וואָס איז ניט אָנגענומען אין דער
עפֿנטלעכקייט, ניט דערלויבט. אַ, זיך ווי בײַ זיך אין
שלאָפֿצימער. 4. טאָן עפּעס וואָס דער
דערציילער, צוקוקער אאַ האָבן וועגן דעם זייער
אַ קליינע השגה אָדער האָבן צו דעם אַ
נעגאַטיווע, ביטולדיקע באַציאונג. אַ, זיך בײַ
רעדעלעך און שרײַפֿעלעך — דער גוטער־יאָר
ווייס עס. 5. טאָן עפּעס ניט־ערלעך. אַ, זיך
בײַ קהלשע געלטער, בײַ דער קהלשער שיסל.

אַוועקפּאַרעניש — דאָס (די), ־ן. (
גערויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפּאַרען (זיך). אַן אַ,
אַזש עס גייט אַ רויך.
אַוועקפּאָרעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
פּראָצעס פֿון אַוועקפּאָרן (זיך). 2. פּראָצעס פֿון
אַוועקפּאָרען זיך.
אַוועקפּאָרקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געפּאָרקעט. אַוועקרוקן, אַוועקשטופּן (פֿון אַן
ענג אָרט מיט אַ געצײַ). אַ, מיט אַ נאָגל,
טשוואָק, העלצל אע.
אַוועקפּאָרקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אַוועק,
זיך ~געפּאָרקעט. דזוו אַוועקפּאָרען זיך ←,
נאָר מיט מער ביטול.
אַוועקפּאָרקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקפּאָרקען (זיך).
אַוועקפּאַרשיווען — טרוו. ־ווע אַוועק,
~געפּאַרשיוועט. סל. ביזן סוף מאַכן
עקלדיק, אָפּשטויסנדיק. (גראָב) אַ, דאָס
בעטגעוואַנט, מע זאָל ניט קענען דערוואַשן.
אַדועקפּאַשן — טרוו. פּאַש אַוועק, ~
געפּאַשט. 1. אַוועקטאַשן (קאָרטן). 2. פּטור
ווערן דורך פֿאַרקויפֿן (וועגן געגנבֿעטע זאַכן).
אַוועקפּאַשען — טרוו. ־שע אַוועק, ~
געפּאַשעט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט

פּאַשען אויף דער לאָנקע. אַ, די בהמות.
2. האָדעווען אַזוי אַז מע זאָל ווערן פֿעט.
אַ, גענדז אויף שמאַלץ.
אַוועקפּאַשען זיך — ← דפֿוו. אויך: לעבן גוט און זאַט, אָן אַרבעט, אָן זאָרגן. „ס' איידעמל פּאַשעט זיך אַוועק בײַ אים שוין ס'דריטע יאָר“, רייד.
אַוועקפּגרן — [...פּיי'גערן] אוטוו. פּגר אַוועק, ~געפּגרט. אַוועקשטאַרבן — וועגן בעלי־חיים, וועגן מענטשן פּעיאָ. „קוים געפּועלט, דאָס פֿערדעלע זאָל ניט עסן, נעמט עס און פּגרט גאָר אַוועק“, פֿוול. ▫ — אַזאַ דבֿר־אחר (קאַרגון אע) וועט ניט שטאַרבן. — וואָסי? ער וועט לעבן אייביק? — ניין, ער וועט אַ'!“, פֿוול. אַ, נאָך עמעצן = אויסגיין נאָך עמעצן. גראָב.
.
אַוועקפּודערן — טרוו. ־ער אָוועק, ~ געפּודערט. אָפּט מיט ז י ך. 1. אַ לענגערע צײַט אָדער וויפֿל עס איז נייטיק באַשיטן מיט פּודער. אַ, דאָס פּנים, דעם האַלדז. 2. מיט פּודערן פֿאַרדעקן, מאַכן ניט־קאָנטיק. אַ, די זומערשפּרענקעלער.
אַוועקפּוטע(נע)ן — טרוו. ־טע אַוועק, ~ געפּוטעט. סל. אַוועקפּלאָנטערן. אַ, אַ קנויל

פֿאָדעם. אויך מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון אַ בלבול.

אַוועקפּוטשען — אַקוזוו. ־טשע אַוועק, ~
געפּוטשעט. סל. אַוועקגלאָצן, אַוועקטאַראַשטשען.
אַ אַ פּאָר אויגן.

,
אַוועקפּויזען — אוטוו. ־זע אַוועק, ~
געפּויזעט. אַוועקקריכן. אַ, אויפֿן בויך ווי אַ שלאַנג.
אַוועקפּויקן — טרוו. פּויק אַוועק, ~געפּויקט.
1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
פּויקן. אַ, מאַרשן דעם גאַנצן אָוונט. 2.
דערציילן ווײַט אַרום, אַרויסגעבן אַ סוד. אַ, אַן
ענין פֿאַר קינד און קייט. 3. דורך פּויקן
באַזײַטיקן, זיך באַפֿרײַען. אַ, דעם אייגענעם
שרעק. 4. אַוועקשטויסן. אַ, די פּילקע.
אַוועקפּויקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפּויקן.
אַוועקפּויקער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פּויקט אַוועק. די אַ'ין פֿון אַלע
רכילותן.
אַוועקפּויקערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אַוועקפּויקן. אַן אַ, וואָס פֿאַרטומלט.
אַוועקפּוכן — פּוך אַוועק, ~געפּוכט. אוטוו
— אַרויסגעבן, צעשפּרייטן פּוו. „די

חזירבלימלעך פּוכן שוין אַוועק". טרוו — באַפֿרײַען פֿון פּוך. אַ אַ בגד.

,

אַוועקפּומפּ(ע)ן — טרוו. פּומפּ(ע) אַוועק, ~געפּומפּ(ע)ט. לר. דזוו אַוועקפּאָמפּען ←.

אַוועקפּונקטירן — טרוו. ־טיר אַוועק, ~(גע)פּונקטירט. 1. אַוועקשטעלן פּונקטן ביזן סוף. אַ, אַ טייל פֿון אַ טאַבעלע, אַ, אַ סכעמע. 2. פֿאַרריכטן דורך פּונקטירן.

אַוועקפּוסטעווען — ־טעווע אַוועק, ~ געפּוסטעוועט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט זײַן ליידיק, פּוסטעווען. „מלחמהצײַט פּוסטעווען אַוועק דערפֿער און שטעטלעך". טרוו — ביזן סוף מאַכן ליידיק, פּוסט. די מגפֿה האָט אַוועקגעפּוסטעוועט גאַנצע געגנטן.

אַוועקפּוסטעפּאַסעווען — אוטוו. ־סעווע אַוועק, ~(גע)פּוסטעפּאַסעוועט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט גאָרניט טאָן, אַרומגיין פּוסט און פּאַס. אַראָפּשלאָגן זיך פֿון וועג, אַ'.

אַוועקפּועלן — [...פּוי'עלן] טרוו. פּועל אַוועק, ~געפּועלט. אַוועקקריגן עפּעס דורך בעטן, זיך באַמיִען, זיך משתדל זײַן. אַ, נייטיקע פּאַפּירן.

אַוועקפּוץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אַוועקפּוצן.
דער אַ, פֿון זאַכן.
אַוועקפּוצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקפּוצן.
אַוועקפּוצן — טרוו. פּוץ אַוועק, ~געפּוצט.
אָפּט מיט ז י ך. 1. אַ לענגערע צײַט
פּוצן. אַ, די שטיוול אפֿשר אַ שעה צײַט.
2. אָפּשאַפֿן עפּעס וואָס טויג ניט דורך פּוצן.
אַ, דעם שטויב. 3. פֿאַרשטעלן עפּעס מיט
אַ באַפּוצונג. אַ, די אָפּגעריבענע שטעלן פֿון
מלבוש. 4. אויפֿעסן גאָר גיך, ביז די
טעלער (טעפּ) ווערן ליידיק. אַ, אַלץ וואָס איז
אָנגעגרייט. אַ, דעם טשאָלנט איינס און צוויי.
5. אַוועקזויפֿן, אַוועקגנבֿענען אאַ מיטן
באַטײַט אָפּשאַפֿן, מבֿער זײַן [במקום־וואָרט פֿאַר
אַ צאָל ווערבן וואָס מע וויל ניט דערמאָנען
בפֿירוש]. אַ, אַלץ פֿון פֿלעשל. אַ, זאַכן פֿון
שטוב. אַ, דעם יאָלד.

אַוועקפּײַקלען

אַוועקפּוצעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אַוועקפּוצונג (מיט ביטול). אַ יום־טובֿדיקע אַ,,
מישטיינס געזאָגט.

אַוועקפּוצעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפּוצן (זיך), אויו
איר.
אַוועקפּוצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פּוצט אַוועק. גנבֿ. דער אַ, פֿון די
קעשענעס. אַדי: ־יש.
אַוועקפּוצקען (זיך) — ־קע (זיך) אַוועק,
(זיך) ~געפּוצקעט. דזוו אַוועקפּוצן (זיך) ←.
מיט בּיטול.
אַוועקפּוצקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקפּוצקען (זיך).
אַוועקפּוקען — ־קע אַוועק, ~געפּוקעט. אוטוו
& טרוו — אַוועקקנאַקן ←, אַוועקקנאַלן ←.
אוטוו — אַוועקבליִען, לאָקל, טשערנאָביל. די
ביימער האָבן אַוועקגעפּוקעט.
אַוועקפּור(ק)ע(נע)ן — טרוו. פּור(ק)ע
אַוועק, ~געפּור(ק)עט. אַוועקדאָלבען; דזוו
אַוועקפּאָרקען ←.
אַוועקפּטרן — [...פּאַ'טערן] טרוו. פּטר אַוועק,
~געפּטרט. 1. אינגאַנצן קאַליע מאַכן,
איבערפֿירן ס'זאָל פֿאַרלירן דעם ווערט. אַ אַ
,
מאַשין, אַ שטיקל אַרבעט. 2. אין ניוועץ
ברענגען, לאָזן דורכגיין אָן נוצן. אַ, די צײַט,

די גוטע געלעגנהייט. 3. מיט אַ תּירוץ, אַן
אויסרייד, כּלומרשטן מיטל — דערווײַטערן,
זיך בּאַפֿרײַען פֿון עפּעס אָדער עמעצן וואָס
איז ניט בּאַקוועם. אַ אַ נודניק, איינעם וואָס

,

קומט מאָנען. אַ, אַן אָנשיקעניש מיט עפּעס.
4. דורכפֿירן אויבּנאויפֿיק אָדער כּלומרשט,
ווי ניט איז יוצא זײַן קעגן עפּעס וואָס איז
אַ מוז, אַ חובֿ. אַ, דאָס דאַוונען אין פֿינף
מינוט. 5. בּמקום־ווערבּ פֿאַר טואונגען מיטן
בּ בּאַזיגן: אַוועקיאָגן, אַוועקטרײַבּן,
אַוועקבּלײַבּן; אַוועקשלאָגן, אַוועקהרגענען. אַ, אַן
אָנפֿאַלער, אַ שׂונא. איר: אַ, זיבּן פֿליגן מיט
איין קלאַפּ. 6. בּמקום־ווערבּ פֿאַר טואונגען
מיטן בּ מאַכן עס זאָל ניט זײַן (ווערן):
אויפֿעסן, אויסטרינקען אע. אַ, אַלץ וואָס אין טאָפּ.
אַוועקפּטרניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקפּטרן. ניט קיין
גרינג אַ'.
אַוועקפּיאַווקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~
געפּ אַווקעט. אַוועקזייגן ווי אַ פּיאַווקע. אַ, דאָס
,
בּלוט פֿון עמעצן.

אַוועקפּיאַנעווען — ־נעווע אַוועק, ~
גע‌פּ אַנעוועט. גראָבּלעך. אוטוו — אָנהייבּן אָדער
׳
אַ לענגערע צײַט שיכּורן. אַ, גאַנצע טעג און
וואָכן. טרוו — אַוועקפּטרן געלט אָדער
ווערטזאַכן אויף שיכּורן. אַ אַלץ בּיז אַ פֿאָדעם.

,
אַוועקפּײַניקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקפּײַניקן.
אַוועקפּײַניקן — טרוו. ־ניק אַוועק, ~
געפּײַניקט. אָפּט מיט ז י ך. אַוועקמאַטערן,
אַוועקמוטשען. אַ, עמעצן מיט שטום
שווײַגעניש.
אָוועקפּײַקלען — טרוו. ־קל אַוועק, ~
געי
פּײַקלט. אָנהייבּן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט פּײַקלען. אַ, אַ מאַרש און גאָרניט
אויפֿהערן.

אַוועקפּיכקען

אַוועקפּיכקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געפּיכקעט. סל. 1. אַוועקסאַפּען. אַ, גייענדיק
בּאַרג אַרויף. אַ, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, ווען ער

-

רירט זיך פֿון אָרט. 2. אַוועקפּיפּקען ←.

אַוועקפּילדערן — אוטוו. ־דער אַוועק, ~געפּילדערט. 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט פּילדערן, שטאַרק טומלען. אַ, אַזש די אויערן צו פֿאַרשטאָפּן. 2. דערווײַטערן זיך מיט אַ געפּילדער. „די קינדער פּילדערן אַוועק אין וואַלד אַרײַן“.

אַוועקפּילדערניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקפּילדערן.

אַוועקפּילנעווען — טרוו. ־נעווע אַוועק, ~געפּילנעוועט. אוקר. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַכטונג געבן, צוהיטן. אַ, עמעצן ווי אַ ציטעריק קינד.

אַוועקפּילפּולן — [...פּילפּלען] ← אַוועקפּלפּולן.

אַוועקפּימסן — טרוו. פּימס אַוועק, ~געפּימסט. 1. אַוועקרײַבן מיט פּימס. 2. אַוועקפּאָלירן מיט פּימס פֿעל פֿון דער רעכטער זײַט (פֿאַרמעט־מאַכערײַ). אַ, אַ פֿעל.

אַוועקפּינטלען — ־טל אַוועק, ~געפּינטלט. אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט פּינטלען (ווען אויגן, פֿײַערלעך אע). טרוו — אַוועקשטעלן פּינטעלעך. אַ, דאָס פּאַפּיר.

אַוועקפּיסקלען — ־קל אַוועק, ~געפּיסקלט.
(מיט ביטול). אוטוו — אָנהייבן אָדער (און)
אַ לענגערע צײַט רעדן אַ סך, טענהן, זידלען,
אַרויסקומען מיט אַ מענה־לשון. „אַ מויל
אויף שרויפֿן, פּיסקלט זי אַוועק איז ניטאָ קיין
דיינו“, רייד. טרוו — דערווײַטערן דורך אַ
סך רייד, טענות. „זי קען אַ אַפילו דעם

,

ספּראַווניק“.
אַוועקפּיסקלען זיך — אוטוו. ← דפוו.
1. אָנהייבן וויינען (געווייינטלעך וועגן
קינדער). 2. קזוו זיך דורכרעדן אַ לענגערע
צײַט.
אַוועקפּיסקעווען (זיך) — ־קעווע (זיך)
אַוועק, (זיך) ~געפּיסקעוועט. דזוו
אַוועקפּיסקלען (זיך), נאָר אויף אַן אומאיידעלן אופֿן.
אַוועקפּיסקעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקפּיסקעווען
(זיך).
אַוועקפּ◌ען — טרוו. פּיִע אַוועק, ~געפּיִעט.
פּר, אוקר. אַוועקטרינקען (פּעיאָ); אַוועקזויפֿן.
אַ אַ בוטל סאַמאָהאָן.

,

אַוועקפּיערגען — טרוו. ־גע אַוועק, ~ געפּיערגעט. אוקר. אַוועקפּטרן, ביזן סוף קאַליע מאַכן, איבערפֿירן. אַ, אַ שטיקל אַרבעט.

אַוועקפּיעשטשען — טרוו. ־שטשע אַוועק, ~געפּיעשטשעט. אַוועקצערטלען, אַוועקקעכלען; אַוועקבאַלעווען. אַ, אַ בן־זקונים. מיט ז י ך — אַ לענגערע צײַט זיך פּאַרציִען, זיך איבערנעמען. שפּילן דעם שוואַכן, דעם באַעוולטן, וואָס פּאַרדינט צערטלעכקייט. אַ, זיך ווי אַן אויסגעוויינט קינד.

אָוועקפּיפּס(ע)ן — פּיפּס(ע) אַוועק, ~געפּיפּ[־ס(ע)ט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פּיפּס(ע)ן. טרוו — דזוו אויספּיפּס(ע)ן ←.

אַוועקפּיפּקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געפּיפּקעט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט רייכערן אַ פּיפּקע. אויך: אַ, אַ ציגאַרעטל.

אַוועקפּיצלען — טרוו. ־צל אַוועק, ~ געפּיצלט. אַוועקפּטרן פּיצלעכווײַז; צעפּיצלען. אַ אַ גאַנצע חלה.

אַוועקפּיקן — טרוו. פּיק אַוועק, ~געפּיקט. אויך מיט ז י ך. 1. אַוועקעסן פּיקנדיק מיטן

שנאָבל. די הינער האָבן אַוועקגעפּיקט די פּראָסע. 2. באַזײַטיקן דורך פּיקן. אַ, די פֿעדערן, די לײַזלעך. 3. אויסלעכערן מיטן שנאָבל. אַ, אַ לאָך אין זאַק. 4. טרעפֿן אין ציל בײַם וואַרפֿן, שיסן אע. (לאָקל, טשערנאָביל). אַ, אַ שטיין אין קאָפּ אַרײַן.

אַוועקפּיקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפּיקן.

אַוועקפּירכען — ־כע אַוועק, ~געפּירכעט.
אוטוו — הוסטן אַ לענגערע צײַט (וועגן פֿערד). דאָס פֿערד האָט אַוועקגעפּירכעט. טרוו — אַוועקהוסטן עפּעס מיט אָנשטרענגונג. אַ אַ

,

שטיק לייכעץ פֿון האַלדז.

אַוועקפּירען — טרוו. ־רע אַוועק, ~געפּירעט.
אוקר. דזוו אַוועקפּערען ←.

אַוועקפּירקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געפּירקעט. אַוועקשמעקן מיטן שנוק. אַ, מיטן חזירישן שנוק דעם באַרג מיסט.

אַוועקפּישטשען — ־שטשע אַוועק, ~ געפּישטשעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען שטילע, דינע, גרילציקע קלאַנגען (וועגן פֿייגעלעך, מײַזעלעך, עופֿעלעך). טרוו ◌ דזוו אויספּישטשען ←.

אַוועקפּישן — פּיש אַוועק, ~געפּישט. אוטוו
— אָנהייבן אָדער לענגער ווי געוויינטלעך
אַרויסלאָזן השתּנה. משתּין זײַן אין זײַט פֿון
עפּעס. טרוו — דזוו אויספּישן ←.
אַוועקפּכיקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געפּכיקעט. אַ לענגערע צײַט וויינען
קרעכצנדיק (פּעיאָ, געוויינטלעך וועגן אַ קינד).
אַוועקפּלאָגן — טרוו. פּלאָג אַוועק, ~
געפּלאָגט. אַ לענגערע צײַט פֿאַרשאַפֿן צרות.
אַ, די קבצנים מיט הונגער און קעלט. אויך
מיט ז י ך.
אַוועקפּלאָגעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפּלאָגן (זיך).
אַוועקפּלאָד(י)ען, ~פּלאָדז(ש)(י)ען,
~פּלאָדעווען — טרוו. ־ד(י)ע, ־דז(ש)(י)ע,
־דעווע אַוועק; ~געפּלאָד(י)עט, ~
געפּלאָדז(ש)(י)עט, ~געפּלאָדעוועט. 1. אָנפּלאָדען,
געבוירן אַ גרויסע צאָל קינדער (וועגן
בעליחיים; וועגן מענטשן פּעיאָ). אַ, אַ שטוב
פֿרעסערס. 2. אַ לענגערע צײַט קינדלען. אַ, ביז
איבער פֿערציק. מיט ז י ך — אָנהייבן אָדער
(און) אַ לענגערע צײַט האָבן קינדער (פּעיאָ).
אַוועקפּלאַוען — טרוו. ־ווע אַוועק, ~
געפּלאַוועט. אוקר. סל. אַוועקלאָזן מיטן וואַסער.

אַ, פליטן אַראָפּ דעם וואַסער.
אַוועקפּלאַטש(יק)ן — טרוו. ־טש(יק) אַוועק,
~געפּלאַטש(יק)ט. ענדיקן מאַכן פּלאַטשיק. אַ,
אַ בּערגל.
אַוועקפּלאָמבּירן — טרוו. ־בּיר אַוועק,
~(גע)פּלאָמבּירט. ענדיקן אַרויפֿלייגן אָדער
אָרײַנלייגן פּלאָמבּעס. אַ, שלעסער, ציין.

אַוועקפּלוידערן
אַוועקפּלאָנטירן — טרוו. ־טיר אַוועק,
און□ □ □ נטעוועז
□ טרוו. ־טעווע אַוועק,
~ פּ נטירט. דזוו אויספּלאָנטירן ←.

-
~געפּלאַנטעוועט. אַוועקהובּלען מיטן גרויסן
הובּל (סטאָליער□).
אַוועקפּלאָנטען — טרוו. ־טע אַוועק, ~
געאַוו□ □ אָנטעניש — דאָס (די), ־ן. (
געפּל נט ט. סל. דזוו אַוועקפּלאָנטערן ←.

דויערדיקע) פּראָצעס פֿון אַוועקפּלאָנטע(ר)ן.
אַן אַ, אָן אַ סוף.
אַוועקפּלאָנטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~געפּלאָנטערט. 1. פֿונאַנדערוויקלען, פֿונאַנדערדרייען. אַ, אַ קנויל. 2. אַרויספֿירן פֿוו אַ פּלאָנטער, מאַכן גלײַך, ריכטיק. אַ, עמעצן פֿון אַ פּאַרדרייעניש, בלבול אע. 3. שטאַרק פּאַרפּלאָנטערן. אַ, אַלץ אין איין קנויל, קופּע.
אַוועקפּלאַנירן — טרוו. ־ניר אַוועק, ~(גע)־פּלאַנירט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פּלאַנירן. אַ אַן אַרבעט אויף עטלעכע
,
יאָר. 2. עפּעס אָפּשאַפֿן, באַזײַטיקן מיט (איבער) אַ געוויסן פּלאַן. אַ, דעם איצטיקן מאַרקפּלאַץ און אים אַריבערטראָגן מחוצן שטעטל.
אַוועקפּלאַפּלען — ־פּל אַוועק, ~געפּלאַפּלט. אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט רעדן סתם, אָן אַן אינהאַלט אָדער פּוסטע רייד. „טאַ! מילא מע קען אַזוי אַוועקזיצן און אַוועקפּלאַפּלען ביז טאָג...“, שע, אין שטורעם. טרוו — דזוו אויספּלאַפּלען ←.
אַוועקפּלאַפּלעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפּלאַפּלען. אַן
אַ, פֿון קינדער.
אַוועקפּלאַפּלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פּלאַפּלט אַוועק. דער אַ, פֿון די
סודות.
אַוועקפּלאַפּלערײַ — דאָס & די, ־ען.
טו־־
אונג פֿון אַוועקפּלאַפּלער. אַן אַ, פֿון
באַרעדערקעס.
אַוועקפּלאַצן — אוטוו. פּלאַץ אַוועק, ~
געפּלאַצט. 1. מיטאַמאָל פּלאַצן. דאָס גלעזל פֿון
לעמפּל (דאָס איז פֿון טײַך, דער באַלאָן אע)
פּלאַצט אַוועק. 2. פּלוצעם ווערן אויס,
צעשטערט ווערן איבער עפּעס. די אונטערנעמונג
(דער פּלאַן, די אידייע אע) פּלאַצט אַוועק.
3. (וועגן באַשעפֿענישן) געבערן. „די קאַץ
האָט אַוועקגעפּלאַצט„. 4. האָבן גרויס
ערגערניש.
אַוועקפּלאַצעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקפּלאַצן.
אַוועקפּלאָשטשען — טרוו. ־שטשע אַוועק,
~געפּלאָשטשעט. אוקר. אַוועקנייען אַ
טאָפּעלע נאָט (שנײַדערײַ). אַ, אַ זוים.
אַוועקפּלוטע(ווע)ן — ־טעווע אַוועק, ~

געפּלוטעוועט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ
לענגערע צײַט פּלוטעווען, דרייען, טאָן קרום,
ניטערלעך. טרוו — אַוועקנעמען דורך
פֿאַלשקייט. אַ, פֿון עמעצן דאָס לעצטע.
אַוועקפּלוטע(ווע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויספּלאָנטערן זיך, אַרויסבאַפֿרײַען זיך פֿון
פּלאָנטער. אַ, זיך פֿון אַ שקר־בלבול.
אַוועקפּלוידערן — אוטוו. ־דער אַוועק, ~
געפּלוידערט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַ
סך פּלוידערן, רעדן נאַרישקייטן. „אַחוצדעם

אַוועקפּלויש(ע)ן

האָב איך נאָך באַדאַרפֿט קענען אַ אַזוי ווי אַ
,
פּאָפּוגײַ איבער יענעמס עפּעס אַ שטיקל
מליצה“, ממוס, קליאַטשע.
אַוועקפּלויש(ע)ן — אוטוו. פּלויש(ע) אַוועק,
~געפּלויש(ע)ט. אַוועקפּלוידערן ←,
אַוועקפּלאַפּלען ←.
אַוועקפּלומפּן — טרוו. פּלומפּ אַוועק, ~
געפּלומפּט. 1. דזוו אַוועקפּומפּ(ע)ן,
אַוועקפּאָמפּען ←. 2. אַוועקקוילען, אַוועקשטעכן (גנ..
בים־שפּראַך). אַ אַ יאָלד.

,

אַוועקפליאָטקעווען — טרוו. ־קעווע אַוועק,
~געפליאָטקעוועט. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט באַרעדן, טרײַבן רכילות. אַ,
גאַנצענע זעק ניט־געשטויגנס וועגן (אויף)
עמעצן.
אַוועקפליאַמען — טרוו. ־מע אַוועק, ~
געפליאַמעט. זייער קאָנטיק פֿאַרפֿלעקן. אַ אַ
,
טינט־פליאַמע אויף אַ ווײַס העמד.
אַוועקפליאַנטרעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק,
~געפליאַנטרעוועט. (סטאָליערײַ, מוליערײַ).
אַוועקמעסטן מיט אַ פליאַנטער (וואָגשנור), זען
צי עפּעס איז אַקוראַט ווערטיקאַל. אַ, די
מויערוואַנט.
אַוועקפל(י)אָסקען — דזוו אַוועקפליוסקען,
~פליושקען ←.
אַוועקפליוכען — ־כע אַוועק, ~געפליוכעט.
אוטוו אומפ. מיטאַמאָל אָנהייבן אָדער (און)
אַ לענגערע צײַט שטאַרק רעגענען. אַ אַ גאַנצן
,

מעת־לעת. טרוו — גיך, מיט אַ סך וואַסער
אַוועקגיסן, אַוועקשווענקען. אַ, די פּאָמעשאַף,
אַן עמער וואַסער. אַ, קללות.
אַוועקפּליוכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אַו□שק□
— טרוו.
פּליוכ ן.
אַוועקפּליוסקען, ~פּ
־סקע, ־שקע אַוועק, ~געפּליוסקעט, ~
געפּליושקעט. 1. אַוועקגיסן מיט אַ געהילך. אַ,
די זופּ אין פּאָמענעצע. 2. ענדיקן מאַכן
עפּעס אַ מאכל אין כאַפּעניש. מיט ז י ך —
שטיפֿנדיק, שפּריצנדיק, זיך באָדן אַ לענגערע
צײַט. אַ, זיך מעשׂה ייִנגל.
אַוועקפּלינטע(ווע)ן — אוטוו. ־טע(ווע)
אַוועק, ~געפּלינטע(ווע)ט. < סל. □a□o□ □נ□נ□ □ו.
< פּליטה. (גנבֿים־שפּראַך) אַנטלויפֿן פֿון אַ
סכּנה. אַ, פֿון קיטשמאַן [= אַנטלויפֿן פֿון
תּפֿיסה].
אַוועקפּליעסקען — ־סקע אַוועק, ~
געפּליעסקעט. אוטוו — אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט פּאַטשן מיט די הענט (ווי אַ
צייכן פֿון צופֿרידנקייט). טרזו — 1. דזוו
אַוועקפּליוסקען ←. 2. געבן הילכיקע פּעטש.

א אַ פּאַר פֿײַערדיקע פּעטש.

'

אַוועקפּליעסקעניש — דאָס (די), ־ן. (
גערוויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפּליעסקען.
אַוועקפּליעשטשען — טרוו. פּליעשטשע
אַוועק, ~געפּליעשטשעט. סל. אַוועקפּלאַפּלען,
אַוועקפּלוידערן; אַוועקזאָגן ליגנס.
אַוועק פּלעז'יר — פּראַזע פֿר. מיט
פֿאַרגע,

ניגן.
אַוועקפּלעטן — טרוו. פּלעט אַוועק, ~
געפּלעט. 1. ענדיקן פּלעטן, פּרעסן. אַ, אָ
העמד אויף שבת. 2. פּלעטן אַ לענגערע
צײַט. 3. מיט פּלעטן אָפּשאַפֿן. אַ, די קנייטשן
פֿון מלבוש. 4. מיט אָ שווערער זאַך

מיטאַמאָל צעקלאַפּן, צעבּרעכן. אַ, דעם קאָפּ, דעם
מוח. 5 פֿאַרענדיקן אַ לאָטעריע. אַ אַ

. ,

סאַמאָוואַר, אַ גראַמאָפֿאָן.
אַוועקפּלעטעכץ — דאָס (ד), ־ן (־ער).
אומגעראָטענער אופֿן פֿון אַוועקפּלעטן. אויך מיר
אַן אַ'.
אַוועקפּלעטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקפּלעטן.

אַוועקפּלפּולען — [...פּילפּלען] פּלפּול [פּילפּל] אַוועק, ~געפּלפּולט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ פּלפּול. טרוו — 1. צו נישט מאַכן, בטל מאַכן דורך אַ פּלפּול. אַ, דעם חילוק צווישן צוויי שיטות. „אַוועקבלאָזן און אַ, די באַרעכטיקונג...“, ש. ביקל, טמז, 2 .30 1954 I. דורך אַ פּלפּול אַוועקפֿירן עפּעס אין אַ פֿאַרקערטער אָדער אומגעריכטער ריכטונג. אַ א גלײַכע זאַך קיין האָצעפּלאָץ.

אַוועקפּסלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפּסלען (אויך מיט איר בײַטעם).

אַוועקפּסלע(נע)ן — [...פּאַ'סלען] טרוו. פּסל [פּאַסל] אַוועק, ~געפּסלט. 1. לעצטגילטיק באַשטימען, פּסקענען אַז על־פּי דין איז פּסול, פֿעלערדיק, ניט ריכטיק. אַ, אַן עדות. 2. דערקלערן אַז עס איז ניט גילטיק (פֿון שטאַנדפּונקט פֿון געזעץ). אַ, אַ דאָקומענט. 3 אויסבראַקירן ←.

אַוועקפּסקענען — [...פּאַ'סקענען] טרוו. פּסקן (פּסקע) אַוועק, ~געפּסקנט (~געפּסקעט).

1 פֿאַרענדיקן אַרויסטראָגן אַ באַשלוס על־פּי

.

דין, לויט דער הלכה; פֿאָרמולירן אַ
לעצטגילטיקע תּשובֿה אויף אַ שאלה (וועגן כּשר און
טריף, איסור און היתּר). אַ, אַ שאלה.
2. אַרויסטראָגן אַ פּסק־דין אין אַ דין־תּורה.
אַ, קנס לטובֿת דעם גערעכטן צד. 3. ווי אַ
מומחה, אויטאָריטעט, לעצטגילטיק ענטפֿערן
אויף אַ פֿראַגע.
אַוועקפּעכן — טרוו. פּעך אַוועק, ~געפּעכט.
אוועקשמירן (←) מיט פּעך. אַ אַ פֿישערשיפֿל.

,

▯

אַ, גראָבע ווערטער.
אַוועקפּעכנען — אוטוו. ־נע אַוועק, ~
געפּעכנעט. אינגאַנצן געשוואָלן ווערן. קללה: אַ,
זאָלסטו ווי אַ באַרג.
אַוועקפּעלצן —. טרוו. פּעלץ אַוועק, ~
געפּעלצט. ענדיקן באַדעקן (באַשלאָגן) מיט פּעלץ.
אַ אַ פּאַלטן אויף ווינטער.

אַוועקפּענדזלען — טרוו. ־דזל אַוועק, ~
געפּענדזלט. 1. אַוועקשמירן (←) מיט אַ
פּענדזל. 2. אַוועקפֿאַרבן ווי ס'ניט איז;
צושמירן אַ ביסל מיטן פּענדזל. אַ, די ברעגעלעך און
ווינקעלעך.
אַוועקפּענטען — טרוו. ־טע אַוועק, ~
געפּענטעט. אַוועקבינדן די פֿיס (פֿון אַ פֿערד,
בהמה). אַ, דאָס פֿערד און עס לאָזן אויף דער
לאָנקע.
אַוועקפּענקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געפּענקעט. אַוועקפּלאַצן. אַ לאַמטערן־גלאָז
פּענקעט אַוועק אין רעגן.
אַוועקפּעסטען (זיך) — ־טע (זיך) אַוועק,
(זיך) ~געפּעסטעט. אוקר. דזוו
אַוועקפּיעשטשען (זיך).

אַוועקפּראַטען

אַוועקפּעקלען 1 — טרוו. ־קל אַוועק, ~
געפּעקלט. 1. אַוועקנעמען פּעקלעכווײַז.
2. אַוועקפּטרן, אַוועקרוימען בשתיקה אָדער
אין כאַפּעניש. אַ, די טריפֿהנע סחורה איידער
עמעצער וועט עס אָנשמעקן. 3.

במקומוואָרט פֿאַר אַוועקהרגענען אע. אַ, דעם מסור אויף יענער וועלט.

אַוועקפּעקלען 11 — טרוו. ← דפּוו. דזוו אויספּיקלען ←; אויספּיקלען און אַוועקשטעלן.

אַוועקפּעקלען זיך — ← אַוועקפּעקלען I. זיך אָפּטראָגן, זיך אַריבערקלייַבן; רעזיגנירן; אַוועקשטאַרבן אע. „קען מען זיך אַ, פֿון דער זינדיקער וועלט“, ממוס, 'שם און יפֿת'.

אַוועקפּערכען — ־כע אַוועק, ~געפּערכעט. פּאָד, מג. דזוו אַוועקפּירכען ←.

אַוועקפּערען — ־רע אַוועק, ~געפּערעט. פּאָד, מג. אוטוו — זיך וואַרפֿן מיט אימפּעט קעגן עמעצן. אַ, קעגן אַלעמען ווי אַ צערייצטער אָקס. טרוו — אַוועקקלאַפּן, אַוועקשלאָגן. אַ, אויפֿן טײַך דאָס גרעט.

אַוועקפּעשלען — טרוו. ־של אַוועק, ~ געפּעשלט. ענדיקן מישן און אויסטיילן די קאָרטן. ערלעך אַ, די קאָרטן.

אַוועקפּראָבירן — טרוו. ־ביר אַוועק, ~(גע)־ פּראָבירט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אויספּרובירן ←. אַ, גאָלד, אַלקאָהאָל. 2. אַ לענגערע צײַט מאַכן פּראָבע פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג.

אַוועקפּראָבען — טרוו. ־בע אַוועק, ~

געפּראָבעט. אוקר. סל. 1. אַוועקפּרוּוון,
אַוועקפּאָרשן; אַ, די כּוחות. 2. ענדיקן פֿאַרזוכן.
אַ אַ מאכל. 3. דזוו אַוועקפּראָבירן, בּ2.

אַוועקפּראָדוצירן — טרוו. ־ציר אַוועק,
~געפּראָדוצירט. 1. אַ לענגערע צײַט
פּראָ▯ דוצירן עפּעס. 2. אויף גיך, ניט־געראָטן
אויספּראָדוצירן ←. "די פֿאַבריקן מוזן אַ,
וואָס מער אַרטיקלען כּדי אויסצופֿילן די
נאָרמע".

אַוועקפּראַווען — טרוו. ־ווע אַוועק, ~
געפּראַוועט. 1. ענדיקן צורעכט מאַכן. אַ, דעם
פּלויט, אַ שטיקל אַרבעט. 2. אַוועקשיקן. אַ,
די פֿורן סחורה. 3. אויסריכטן, גוט
צוגרייטן און אַוועקשיקן. אַ, עמעצן אויף אַ ווײַטער
נסיעה. 4. ענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט
דורכפֿירן אַ צערעמאָניע אע. אַ אַ סדר, טיש.

אַוועקפּראַווען זיך — ← דפֿוו. ווערן
בעסער, געזינטער, אויסגעהאַלטענער, געזעצטער.
אַ, זיך, ווערן אַ מענטש. אַ, זיך נאָך אַ
לאַנגער קראַנקייט.

אַוועקפּראַזדנעווען — טרוו. ־נעוו▯ אַוועק,
~געפּראַזדנעוועט. סל. 1. אַוועקיום־טובֿן. אַ

ליידיקגייער פּראַזדנעוועט אַוועק גאַנצע וואָכן.
2. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פֿײַערן ניט־ייִדישע רוטעג, חגאָות. אַ, אַ פּאַסכע.
אַוועקפּראַזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~ געפּראַזשעט. וואָ, פּאָד, קיִעוו, גובּ', גאַליציע.
1. אַוועקבּראָטן. אַ, סעמעטשקעס אויף שבת; אַ, קאָטלעטן. 2. אַוועקבּריִען, אַוועקקאָכן. אַ, מילך.
אַוועקפּראַטען — טרוו. פּראַטע אַוועק, ~ געפּראַטעט. אויך: ~פּריאַטעז. סל. אוקר. באהאַלטן. אַ, דאָס קניפּל הינטער דער פּאַ'זעכע (פּאַזוכע).

אַוועקפּראָםעסטירן

אַוועקפּראָטעסטירן — ־טיר אַוועק, ~(גע)־פּראָטעסטירט. אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פּראָטעסטירן. אַ, קעגן אומרעכט. טרוו — ניט בּאַצאָלן אַ וועקסל, לאָזן אים גיין אין פּראָטעסט.
אַוועקפּראַטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~געפּראַטשעט. אַוועקקלאַפּן וועש מיט אַ פּראַטש, פּראַלניק. אַ, גרעט בײַם טײַך אויף אַ שטיין.

אַוועקפּראַלן — פּראַל אַוועק, ~געפּראַלט.
אוטוו — 1. אַוועקפּלאַצן, אויפֿרײַסן מיט אַ געהילך. 2. דריטפּערזאָניק. זיך צעטראָגן אין־דער־לופֿטן מיט אַ קנאַקערײַ. דער דונער פּראַלט אַוועק. טרוו — פּלוצלינג, האַסטיק צעעפֿענען, אויפֿרײַסן. אַ, די טיר.
אַוועקפּראָסטעווען — ־טעווע אַוועק, ~ געפּראָסטעוועט. אוטוו — בּיזן סוף זיך אויפֿפֿירן פּראָסט, ניט־איידל, גראָבּ. אַ, אויף אַ בּעל־עגל'סקן אופֿן. טרוו — אַוועקמאַכן ניטפֿאכמעניש. אַ אַ שטיקל אַרבּעט.
,

-

אַוועקפּראָפּן — טרוו. פּראָפּ אַוועק, ~ געפּראָפּט. אַוועקשטאָפּן, ענדיקן פֿאַרשטעקן מיט קאָרקן. אַ אַ פֿלאַש נאַליווקע, ס'זאָל זיך ניט
,
אויסדיכען ..י שטאַרקייט.
אַוועקפּראָסיטירן — טרוו. ־טיר אַוועק,
~(גע)פּראָפֿיטירט אָנהייבּן אָדער אַ
לענגערע צײַט אַרויסבּאַקומען רווח. פֿון ערשטן טאָג

אַ, לײַטישע סומעס פֿון געשעפֿט.
אַוועקפּראַצעווען — אוטוו & אַקוזוו. ־צעווע
אַוועק, ~געפּראַצעוועט. אַוועקהאָרעווען;
אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרבעטן שווער.
אַ אַ גאַנץ לעבן פֿאַרן הויזגעזינד. אַ,
טאַטש,
קע אַרבעט פֿאַרן פּיסנעם שטיקל ברויט.
־
אַוועקפּראָצעסירן — טרוו. ־סיר אַוועק,
~(גע)פּראָצעסירט. אַוועקטרײַבן, באַזײַטיקן,
באַפֿרײַען פֿון עפּעס דורך אַ פּראָצעס אין
געריכט. „מיר האָבן געליטן פֿון אים ביז מיר
האָבן אים אָוועקגעפּראָצעסירט“, רייד. אָפֿט
מיט ז י ך — קזוו. אַ לענגערע צײַט
זיך משפּטן מיט עמעצן. אַ, זיך פֿאַר אָ ירושה,
איבער אַ שותּפֿות.
אַוועקפּראַקטיצירן, ~פּראַקטיקירן —
טרוו. ־ציר, ־קיר אַוועק, ~פּראַקטיצירט,
~פּראַקטיקירט. 1. אַ לענגערע צײַט זיך
פֿאַרנעמען מיט מעדיצין (אויך מיט אַן אַנדער
פּראָפֿעסיע). אַ, מעדיצין, אַדוואָקאַטור. 2. אַ
לענגערע צײַט פּראַקטיצירן עפּעס. אַ, מיאוסע
שטיק.
אַוועקפּראָקלאַמירן — טרוו. ־מיר אַוועק,

~געפּראָקלאַמירט. לעצטגילטיק לאָזן וויסן
אויף אַ פֿײַערלעכן אופֿן. אַ אַן אַמנעסטיע.

,

אַוועקפּראָשען — טרוו. ־שע אַוועק, ~
געפּראָשעט. סל. אַוועקשטויבן. אַ, מעליקע זעק.
אַוועקפּרובירן — טרוו. ־ביר אַוועק, ~(גע)־
פּרובירט. 1. אַוועקפּרוּוון. 2. אַוועקמעסטן;
אַוועקטעסטירן. ← אַוועקפּראָבירן.
אַוועקפּרודען — טרוו. ־דע אַוועק, ~
געפּרודעט. דזוו אויספּרודען ←.
אַוועקפּרוּוון — טרוו. פּר◌וו אַוועק, ~
געפּרוּווט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
פּרוּוון. אַ, די כוחות. 2. דזוו אויספּרוּוון ←.
אַוועקפּרײַכן — אוטוו. פּרײַך אַוועק, ~
געפּרײַכט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט

פּרײַכן, סאַפּען, אָטעמען שווער. אַ, ווי נאָך
אַ שווערער אַרבעט.
אַוועקפּרייכעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויער

-

דיקער פראָצעס פֿון אַוועקפרײַכן.

אַוועקפרייען — פרייע אַוועק, ~געפרייעט.

אויך: ~פר עןָ. אוטוו — אַוועקשוויצן. אַ, אין דער שוויצבאָד. טרוו — אײַנקאָכן, אײַנדעמפן. אַ, אַ צימעס אויף אַ קליין פֿײַערל.

אַוועקפריסקען — טרוו. ־סקע אַוועק, ~ געפריסקעט. סל. אַוועקשפריצן. אַ, וואַסער אויף אַ בגד בײַם פרעסן.

אַוועקפרעגלען — טרוו. ־גל אַוועק, ~ געפרעגלט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פרעגלען. אַ, אַ פֿיש, אייער; אַ, אײַנגעמאַכטס.

אַוועקפרעדיקן — טרוו. ־דיק אַוועק, ~ געפרעדיקט. אויך: ~פריידיקן. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט פרעדיקן, דרש(ע)נען. אַ, מאָראַל.

אַוועקפרענט(עווע)ן — טרוו. ־טע(ווע) אַוועק, ~געפרענטע(ווע)ט. ענדיקן פֿאַרלייגן מיט א פרענט(ע) פֿלאָקן, שטיק אײַזן. אַ,

— ,

די לאָדנס, טיר און פֿענצטער.

אַוועקפרעסן — טרוו. פרעס אַוועק, ~ געפרעסט. אויך מיט ז י ך. 1. אָנהייבן

אָדער אַ לענגערע צײַט פּרעסן. 2.
אַוועקדריקן, אַוועקקוועטשן. אַ, בוימל. 3.
אַרויסבאַקומען עפּעס אויף כּוח אָדער מיט
אינטריגע(ס). אַ, פֿון יענעם דאָס לעצטע. 4.
אויספּרעסן.
אַוועקפּרעסעכץ — דאָס (די), ־ן. אָנוווער פֿון
מאַטעריאַל אָדער וואָג בײַם פּרעסן.
אַוועקפּרעסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקע אַוועקפּרעסונג.
אַוועקפּדעפּלען — טרוו. ־פּל אַוועק, ~
געפּרעפּלט. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט
פּרעפּלען, ריידן ניט־קלאָר, שלינגען
ווערטער. אַ, אַ מאָליטווע ווי אַ גלח.
אַוועקפּרעפּלעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפּרעפּלען. אַן
אַ אָן אַ סוף. 2. (פּעיאָ) אַ ניט־ייִדיש געבעט.

,

אַוועקפּשטלען — [...פּשעטלען] טר▯ו. פּשטל
[פּשעטל] אַוועק, ~געפּשטלט. 1. אָנהייבן
(אָדער אַ לענגערע צײַט) פּשטלען, פּרוּוון
דערווײַזן מיט זײַטיקע, צום ענין צוגעשלעפּטע
ראַיות. אַ, אַ פּשט אַז פֿון ווײַס זאָל ווערן
שוואַרץ. 2. צו נישט מאַכן, בטל מאַכן מיט אַ
פּשטל. אַ אַ וויכטיקן ענין. ,,פֿאַקטן...רעדן

,
זייער אייגענע שפּראַך, וואָס קיינע פּשטלעך
אָדער חקירות קאָנען נישט אַ, אָדער
אַוועקחקירהנען", ש. מאַרגאָשעס, טמז, 6 1954 III.
אַוועקפֿאָדערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~
געפֿאָדערט. 1. אַרויספֿאָדערן; פֿאַרלאַנגען אַז
עפּעס אָדער עמעצער זאָל אַוועק פֿון דעם
אַרט וואו מע געפֿינט זיך. 2 פֿאָדערן אַ

.
לענגערע צײַט.
אוועקפֿאָכ(ע)ן — טרוו פֿאָך (פֿאָכע) אַוועק,
—
.
~געפֿאָכ(ע)ט. אַוועקטרײַבן מיט אַ באַוועגונג
פֿון האַנט, מיט עפּעס אַ זאַך. אַ, פֿון זיך די
פֿליגן.
אוועקפֿאַלבן — טרוו פֿאַלב אַוועק, ~
געַ—
.
פֿאַלבט. אוועקבייגן, פֿארבייגן און מאַכן אַ
פֿאָלב. אַ, די איבעריקע לענג פֿון אַ מלבוש.

אַוועקפֿאַלשעווען

אוועקפֿאָלגן —. טרוו פֿאָלג אַוועק, ~
געַ . .

פֿאָלגט. אויספֿאָלגן פֿאָלגן אינגאַנצן אָדער

,

אַ לענגערע צײַט. אַ אַ פּאָר יאָר און דערנאָך

,

זיך בריקעווען.

אַוועקפֿאַלן — אוטוו. פֿאַל אַוועק, בין ~
גערפֿאַלן [ה אָ בּ — אין לר: גראָדנע, דווינסק
אאַ]. 1. אַנידערפֿאַלן, פֿאַלן פֿון די פֿיס. *מיט
איין בלאָז פֿאַלט ער אַוועק = ער איז זייער אַ
שוואַכער. 2. אַראָפּלאָזן זיך, זיך לייגן. אַ,
אויף דער קאַנאַפּקע. ,,די זומערדיקע היצן
הויערן...ביז זון פֿאַלט אַוועק הינטערן טײַך,,,
א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער.
3 פֿאַלן אין חלשות. ,,צו נעילה זענען

.

צוויי ייִדענעס אַוועקגעפֿאַלן אין דער
ווײַבערשער שול". 4. (פֿלוצעם) שוואַך ווערן,
פֿאַרלירן כּוחות. ,,...אַנדערע מדינות זײַנען
אַוועקגעפֿאַלן, די פֿינאַנצן זײַנען אָרעם
געוואָרן און באַשטענדיק רעוואָלוציעס אויף
רעוואָלוציעס", קמ, 2 1866, No. *דאָס האַרץ
פֿאַלט אַוועק = א) מע דערשרעקט זיך;
ב) זײַן אין צושטאַנד פֿון פֿאַרלאָרנקייט,

אָנמעכטיקייט.״ווען עס קומט אויף אַ מענטשן פּלוצלינג אַ גרויסע פֿרייד אָדער אַ גרויס צער, קען ער עס ניט פֿאַרנעמען, דען זײַן האַרץ פֿאַלט פֿון אים אַוועק לפֿי שעה,,, נצ2, עז/בֿ.

5. פּלוצעם קראַנק ווערן, ווערן מסוכּן. [פֿאַרשפּרייט אין פּד]. אַ קינד איז מיר אַוועקגעפֿאַלן. ,,נאָך צוואַנציק יאָר קנעלן...איז אַבֿיגדורל מלמד אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן האַלדז״, פּרץ, בילדער און סקיצן. [קען אויו באַטײַטן: אַוועקשטאַרבן. ← אַוועקקומען].

6 פֿאַלן אין אַ זײַט, אָפּטיילן זיך. ,,די

.

באָמבע האָט אויפֿגעריסן און עס איז אים אַוועקגעפֿאַלן אַ האַנט,,, רייד. ,,איך זאָל מיך קענען מאבד עצמו לדעת זײַן און אַליין זען... אַז עס וועט אַ, דער קאָפּ, די הענט...די צעריסענע כּאָליעוועס...״, פּרץ, ,דער משוגענער בטלן'. 7. אָפּפֿאַלן, זיך צוריקציִען, אָפּשטיין. אַ, פֿון אַ חבֿרה, חבֿרותא, געזעמל. ,,ניט דערפֿאַר ווײַל מיר האָבן זיך געשראָקן, טאָמער וועלן אַ, חסידישע אַבֿאָנענטן...״, קמ, 1865, .No 20

8. בטל ווערן. ,,אַלטע גזירות פֿאַלן אַוועק,

נײַע קומען אויף,,, שוו. ,,איצט אָבער, אַז איר זענט ניט מער קיין ייִד, איז די סיבה [ניט צו דערפֿרייען אַנטיסעמיטן] אַוועקגעפֿאַלן'', ייִפֿאַל, 6 1887, No.

9. צופֿאַלן, צוקומען. ,,די ווײַבער מיט בייזע צונגען פֿון דער באָבעס חבֿרה איז אַוועקגעפֿאַלן אַזאַ עסק, וואָס מע וואָלט דערפֿון געקענט רעדן אַ צײַט,,, ייִפֿאָל, 29 1882, No.

פֿפֿ: א, וו אַ פֿליג, ווי פֿליגן, ווי אַ הינדעלע,
י

ווי פֿאַרסמטע מײַז, ווי אַ סנאָפּ.

אַוועקפֿאַלצן — טרוו. פֿאַלץ אַוועק, ~ געפֿאלצט. 1 פֿארבייגן, אַוועקבייגן. 2. פֿאַלצן

—

אַ לענגערע צײַט.

אַוועקפֿאַלשעוען — טרוו. ־שעווע אַוועק, ~געפֿאַלשעוועס. אינגאַנצן, אַ סך אָדער אַ לענגערע צײַט מאַכן פֿעלשונגען, אַרויסווײַזן פֿאַלשקייטן. אַ אַלע דאָקומענטן; אַ, דעם דין,

פֿאַלטשעווע

וחשבון. אויך: ~

אַוועקפֿאַנטאַזירן

אַוועקסאַנטאַזירן — ־זיר אַוועק, ~(געׂ)
פֿאַנטאַזירט. אוטוו — זיך ווײַט אַוועקטראָגן אין
דמיונות פֿאַנטאַזיעס. אַ, אין אלף הששי אַרײַן.

טרוו — דורך דמיון פֿאַנטאַזיע אָפּשאַפֿן, בטל

מאַכן. „אין אַ דראַמע, אויף דער בינע...זעט
מען...אַלץ...אויפֿן וואָר, מע קען עס
בשומאופֿן ניט אַ'„, שנ, ה. לייוויק.
אַוועקפֿאָנפֿען — ־פֿע אַוועק, ~געפֿאָנפֿעט.
אומוו פֿאָנפֿען, אומקלאָר רעדן אַ לענגערע

צײַט. טרוו — 1. אומקלאָר אַרויסברענגען
אַן ענטפֿער, אַ וואָרט. 2. אַוועקפּטרן, קאַליע
מאַכן אַן אַרבעט, אַ פּלאַן, אַן אונטערנעמונג.

אַוועקסאַסטן פֿאַסט אַוועק, ~געפֿאַסט.

--

אוטוו — אַ סך, אַ לענגערע צײַט פֿאַסטן. אַ יאָר צײַט אַ, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק.

טרוו — בטל מאַכן דורך פֿאַסטן. אַ, אַלע הרהורי־עבֿירה.

אַוועקסאָפּען — טרוו. ־פּע אָוועק, ~ געפֿאָפּעט. (וואוילינגעריש). אויסנאַרן, אַרויסקריגן דורך אַ שווינדל. אַ, פֿון דעם יאָלד זײַן פֿאַרדינסטל.

-

אַוועקסאָצקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~ געפֿאָצקעט. 1. אַוועקגיין אויסגעפּוצטערהייט. 2. אַנטלויפֿן, אָפּטראָגן זיך (פּעיאָ).

אַוועקגנבֿען.

אַוועקסאָר — דער, ־ן. אַקט (אויך מאָמענט) פֿון אַוועקפֿאָרן. „וואָס טויג דיר צירונג? טענה איך מיט איר נאָך פֿאַרן אַ'„ שע, זומערלעבן -

.

אַוועקסאַרבן — טרוו פֿאַרב אַוועק, ~
געּ.
פֿאָרבן, ~געפֿאַרבט. 1 פֿאַרבן אַ לענגערע
.
צײַט. אַ, די עטלעכע קאַמערן אַ גאַנצע וואָך.
2. פֿאַרפֿאַרבן, דורך פֿאַרבן אָפּשאַפֿן, מאַכן
עס זאָל ניט זײַן קאָנטיק. אַ, די פֿלעקן אויף
דער וואַנט.
אַוועקפֿאַרטיקן — טרוו. ־טיק אַוועק, ~
געפֿאַרטיקט. 1. אויספֿאַרטיקן, פֿאַרענדיקן. אַ,
אַן אַרבעט. 2. פּטרן, צעהרגענען,
דערהרגענען אַ, דעם שפּיאָן.
אַוועקסאַרטרייבן — טרוו. פֿאַרטרײַב אַוועק,
-
~פֿאַרטריבן. דזוו פֿאַרטרײַבן, נאָר
עמפֿאַטישער. „מיר גיפֿינדן בייא יצחק אָבֿינו, דא אים
אבֿימלך האָט איין וועק פֿר טריבן“, לט1,
/114 —
.2
אַוועקסאַרמאָגן — טרוו. אימפּ, איצ נבֿ.
~פֿאַרמאָגט פֿטמ. פֿאַרמאָגן אַ סך. „וואָס דער
.
פּריץ האָט אַוועקגעפֿאַרמאָגט פֿעלדער און
וועלדער!“, רייד.

-

אַוועקסאָרן — אוטוו פֿאָר אַוועק, בּין ~
גע.

פֿאָרן [וועגן ה אָ ב ← אַוועקפֿאַלן]. 1.
פֿאַרלאָזן מיט דער הילף פֿון אַ פֿאַרקער־מיטל
דאָס אָרט וואו מע געפֿינט זיך. אַ, פֿון...צו
(קיין)...אַ, מיט פֿערד, מיט אַ פֿור, אַ שיף. אַ,
אויף אַ פֿערד, אויף אַ ראָווער. אַ, רײַטנדיק.
,,זוא שטייט דאז שיף פֿערטיג דאז דוא...אונ,
פֿרא [= פֿרוי] זולשט הין וועק פֿארין", גה,
240. ,,...האָבּן אַרויסגענומען דעם אָרעמאַנס
ווײַבּ און זענען מיט איר אַוועקגעפֿאָרן", נחבֿ,
'מעשׂה מבּערגיר והעני'. ,,אויף דעם אײַז
דער ווינטער נעבּעך פֿאָרט שוין רײַטנדיק
אַוועק", קוו, רינג אין רינג. 2. אָפּטראָגן
זיך, אַנטלויפֿן. ,,הינטר דעם נעפּר איז גיוועזין
לעת הזאת איין גרושה מלחמה...האָבּ מוזין

פֿון דאָרטין אַוועק פֿאָרין,,, שו"ת, ב,,ח פֿפֿמ,
,
1797 [הש II]. ,,שיינע מענטשן!... מע פֿאָרט
אַוועק פֿון דער היים בּגניבֿה, גלאַט אַוועק!,,,

ממוס, מסעות. *אַ, אָן אַ זײַ(ט)־געזונט. *איך פֿאָר נאָך קיין אַמעריקע ניט אַוועק = אַנטלויף נאָך ניט, באַנקראָטיר נאָך ניט. 3. אייפֿעמיזם פֿאַר שטאַרבן (ספּעצ וועגן אַרומפֿאָרערס: בעלי־עגלות, וואָיאַזשאָרן). *אַ, אויף יענער וועלט. *אַ, אין די זאַמדבעדער (אָנצוהערעניש אויף באַגראָבן ווערן, אומאיידל). 4. אָפּנייגן, בײַטן. „זיי קענען דיך ניט מאַכן אַ, פֿון דײַנעם ווילן“, שיר היחוד ליום חמישי, פֿפֿמ 1885. 5. פֿאַרקריכן אין אַ זײַט בײַם דערציילן. אַ, אין האָצעפּלאָץ.

-

אַוועקסאַרנאַרן — טרוו. פֿאַרנאַר אַוועק, ~פֿאַרנאַרט. אָפּנאַרן, אַרײַננאַרן מע זאָל אַוועק פֿון אַן אָרט און קומען ערגעץ. „איצונד ווילסטו דיך צו אונדז צושאַרן און ווילסט אונדז פֿון ? נען אַ'“, עט, ייִפֿאָל, 6 1886, No.
אַוועקסאָרעכץ — דאָס (די), ־ן. אַקט, פּראָצעס פֿון אַוועקפֿאָרן (בײַטעם פֿון ביטול).
אַוועקפֿאָרעניש — דאָס (די ?, ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקפֿאָרן.
אוועקפֿאַרפֿלייצן — טרוו פֿאַרפֿלייץ אַוועק,
—
.
~פֿאַרפֿלייצט. 1. אַוועקטראָגן, אַוועקשלעפּן

דורך אַ פֿאַרפֿלייצונג. „דאָס געוויסער קען אַ, דאָס גאַנצע שטיבל“. 2. דזוו פֿאַרפֿלייצן, נאָר עמפֿאַטישער.

אַוועקפֿאַרפֿל▯ען — אוטוו. פֿאַרפֿלי אַוועק, בין ~פֿאַרפֿלויגן [ה אָ בּ — אין לר: גראָדנע, דווינסק, ביאַליסטאָק און אומג,]. 1. פֿליִען וויַט, אין זיַטיקער (פֿאַלשער) ריכטונג.
2. אַוועקפֿליִען גיך.

אַוועקפֿאַרציילן — טרוו. פֿאַרצייל אַוועק, ~פֿארציילט. דערציילן פֿאַרציילן אַ לענגערע
-
,
ציַט. אַ, מעשׂיות בּיז אין דער נאַכט אַריַן.
-

אַוועקסאַרצ▯ען — טרוו. פֿאַרצי אַוועק, ~פֿאַרצויגן. 1. פֿאַרציִען וויַט אין אַ זיַט, צו אַ אַנדער אָרט, ענין. אַ, אין פֿאָצן־זיַט.
2 פֿאַרציִען אַ לענגערע ציַט. אַ אַ פּראָצעס
. ,
אויף יאָרן.

אַוועקפֿאַרצן — פֿאַרץ אַוועק, ~געפֿאַרצט (~געפֿאָרצן). וואול. אוטוו — פֿאַרצן אַ לענגערע ציַט. טרוו — 1. אַוועקבּלאָז▯.
2. אַוועקזינגען.

אַוועקפֿאַררוקן — טרוו. אימפּ, איצ נבֿ.
~פֿאַררוקט. אָפּרוקן אין אַ זײַט, צו ווײַט, וואו מע דאַרף ניט אָדער מע קען ניט געפֿינען.
אוועקפֿאַרשאַרן — טרוו פֿאַרשאַר אַוועק,
—
.
~פֿאַרשאַרט. 1. אָפּשאַרן אין אַ זײַט, צי ווײַט, וואו מע דאַרף ניט אָדער מע קען ניט געפֿינען. 2. פֿאַרקערן אין אַ ווינקל. אַ, דאָס מיסט.
אוועקפֿאָרשן
— טרוו. פֿ ז (אַרכ פֿטמ).
— ארש אַוועק, ~

גע

,
-

פֿאָרשט. אויך: ~פּאָרשט
שטודירן, באַטראַכטן, אויספֿרעגן אַ לענגערע צײַט.
אַוועקפֿוילן — אוטוו. פֿויל אַוועק, ~געפֿוילט.
1. אינגאַנצן צעפֿוילט ווערן. 2 פֿוילן אַ
.
לענגערע צײַט. אַ, אין דעם קליינעם שטעטל

בּיזן גרדיען צאָפּ.

אַוועקפֿינקלען

אוועקפֿוילעכצן   פֿוילענצן — אַקוזוו.
— ~ ,
־עכץ, ־ענץ אַוועק; ~געפֿוילעכצט, ~
געפֿוילענצט. האַלטן אין זײַן פֿויל, פּטרן צײַט
דורך גאָרניט טאָן. אַ, דעם ערשטן האַלבן טאָג,
די בעסטע יאָרן פֿון לעבן.

אַוועקסורעמען — טרוו. פֿורעם אַוועק, ~
געפֿורעמט. 1. דורך (איבער)פֿורעמען, אָפּשאַפֿן
אָדער פֿאַרשטעלן דאָס ניט־נייטיקע, דאָס
ניטגעראָטענע. 2. פֿורעמען אַ לענגערע צײַט.
אַוועקפֿיאָקעווען — אוטוו. ־קעווע אַוועק,
~געפֿיאָקעוועט. (מיט ביטול.) אַוועקגיין,
אַוועקפֿאָרן זייער שטאַרק אויסגעפּוצט. אַ, צום
געליבטן.
אַוועקפֿיבערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~
געפֿיבערט. 1. אַ לענגערע צײַט האָבן (לײַדן פֿון)
פֿיבער אָדער זײַן אין צושטאַנד פֿון גרויס
אויפֿגערעגטקייט. 2. טאָן עפּעס מיט גרויט
אָנשטרענגונג, מיט אימפּעט (אַזוי ווי אין

פֿיבער). אַ, בײַם רעדן פֿאַרן עולם.

אַוועקפֿידלען — פֿידל אַוועק, ~געפֿידלט.

אוטוו — אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט שפּילן אויף אַ פֿידל. טרוו — אויף גיך אָפּשפּילן עפּעס אויף אַ פֿידל.

אַוועקפֿיטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ...־ געפֿיטערט. פֿיטערן אַ לענגערע צײַט אָדער ביז צו אַ באַשטימטער צײַט. אַ, גענדז ביז צו חנוכּה.

אוועקפֿיילן — טרוו פֿײַל אַוועק, ~געפֿײַלט.

— — .

אָפּפֿײַלן, אָפּרײַבן מיט אַ פֿײַל דאָס איבעריקע. אַ, די שפּיצן. פֿײַלן אַ לענגערע צײַט.

אוועקפֿײַערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~ געפֿײַי

-

ערט. 1. פֿײַערן, יום־טובֿן אַ לענגערע צײַט. 2. אַוועקשיסן; אַוועקיאָגן מיט פֿײַער; סתּם אַוועקיאָגן, אַוועקטרײַבן אע. 3. במקום־ווערבֿ פֿאַר טואונגען וואָס קומען פֿאָר גיך (אַוועקלויפֿן, אַוועקעסן, אַוועקאַרבעטן און אַ סך אַנדערע).

אַוועקפֿײַפֿן — טרוו. פֿײַף אַוועק, ~געפֿײַפֿט
(זן: ~געפֿיפֿן). 1. אָנהייבן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט פֿײַפֿן. אַ, דאָס זעלביקע לידל
אפֿשר הונדערט מאָל. 2. אַרויסגעבן קלאַנגען
דורך דער נאָז; האַלטן אין איין שנײַצן.
„...קענען מיר דאָך אַזוי אַ, מיט די נאָז
היפּשע עטלעכע שעה, און די תּקיעות
זאָלן...„, דלוגאַטש, וועלט־מסודה, וואַרשע 1881.
3. במקום־ווערב פֿאַר טואונגען וואָס קומען
פֿאָר גיך, וואָס מע שטרענגט זיך ניט אָן
בײַ זיי (אַוועקלויפֿן, אַוועקרײַטן אע;
אַוועקשפּילן; אַוועקעסן און אַ סך אַנדערע).
אַוועקפֿילאָסאָפֿירן — ־פֿיר אַוועק, ~(גע)־
פֿילאָסאָפֿירט. אוטוו פֿילאָסאָפֿירן אַ
לענ----־.

גערע צײַט. טרוו — דורו פֿילאָסאָפֿירן
אַבסטראַהירן, אָפּשאַפֿן, בטל מאַכן, ניט נעמען
אין באַטראַכט געוויסע זאַכן, אייגנשאַפֿטן פֿון
זײַן. אַ, דאָס רעאַלע.
אַוועקפֿינצטערן — ־טער אַוועק, ~
געפֿינצטערט. אוטוו — זײַן פֿינצטער אַ לענגערע

צײַט. „דער ווינטער פֿינצטערט דאָ אַוועק
גאַנצע זעקס חדשים“. טרוו — מאַכן פֿינצטער
ביזן סוף, אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ לעבן.
אַוועקפֿינקלען — אוטוו. ־קל אַוועק, ~
געפֿינקלט. 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט

אַוועקפּירן

פֿינקלען. 2. פֿינקלען איבער אַ געוויסן שטח.
„די בריליאַנטן האָבן אַוועקגעפֿינקלט איבערן
גאַנצן זאַל“.

אַוועקסירן — טרוו. פֿיר אַוועק, ~געפֿירט.
1. פֿירן עמעצן בײַ דער האַנט אָדער מיט אַ
פֿאַרקער־מיטל פֿון איין אָרט צום צווייטן.
„און, דער ספּון [=שיפּע] האָט זיא פֿאַר איין
שעה הין וועק גפֿירט“, גה, 135. „האָט דער
עלצטער פֿון דער שטאָט זיי געגעבן געלט,
זיי זאָלן ניט אומברענגען די בחורים, און
האָט די צוויי בחורים אַוועקגעפֿירט אויף זײַן
גרענעץ“, מעה אומן. „זי אָט אים
אַוועקגעפֿירט צום אויבנאָן, וואו די מחותּנים...

זענען געזעסן‘‘, ל. שאַפּיראָ, נאָוועלן.

2. פֿירן קעגן ווילן; פֿאַרשיקן, פֿאַרטרײַבֿן.

אַ, אין תּפֿיסה, געפֿאַנגענשאַפֿט. ,,... איז צו ווין תּפֿוס מיין קרובֿ...האבן אין בעלי מלחמות איין וועק גיפֿירט...,,, פּראָגבֿ, 50. ,,אַזו האָט מן איהם משם אַוועק גפֿירט בּיד אין דער...‘‘, 'כּ,,י וועגן מעצער עלילת־דם, [פֿש III]. ,,דעם זיידן האָט מען אַוועקגעפֿירט אין פּעטערבּורג מיט אַ שוואַרצע בּײַדל,,, לדבֿ.

3. פֿירן אַ זאַך פֿון איין אָרט צום צווייטן. ,,...כּשר חבֿית של יין...איש דער קהילה לאזון איין וועק פֿירן...,,, תּקק. ,,צאָלן מזומנים און פֿירן אַוועק די סחורה אין גרויסע שטעט איבערן גאַנצן לאַנד‘‘, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

4. אַרויספֿירן, מיטנעמען מיט זיך. ,,דיא פּויארן האבן גמוזט דאז אירי זעלבּרט אַוועק פֿירן‘‘, 'איין נייא קלאָג ליד פֿון חורבן ק‘‘ק וורמיישא, [פֿש III]. ,,ער האָט אַוועקגעפֿירט פֿון דאָרט איצטיקס מאָל אַזוי פֿיל האָפֿענונג‘‘, שע, אין שטורעס.

5 פֿאַרפֿירן. ,,נאָר קליינמוט האָט מיך פֿון — .

לאַנד פֿון נסיון אַוועקגעפֿירט ערגעץ צום לאַנד פֿון זיכזיכער‘‘, הל, טרעבלינקע. 6.

אָפּקערן, אָפּווענדן. „נאָר מיט דעם רשות פֿון דעם באַשעפֿער וועט ער אַ, זײַן האַרץ פֿון זייעפֿאָרבט און פֿון זייער האָפֿענונג„, חה, 317.

אַוועקסירעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). ל2. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אַוועקפֿירן.
אַוועקפֿירעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקפֿירן.
-
אַוועקסירער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ל2. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אַוועקפֿירן.
אַוועקפֿלאַטערן — אוטוו. ־טער אַוועק, ~געפֿלאַטערט. אַוועקפֿליִען ניט הויך, פּאַמעלעכער אָדער גיכער ווי בײַם געוויינטלעכן פֿליִען; זיך דערוויַטערן פֿליִענדיק.
אוועקפֿלאַמען אוטוו פֿלאַם אַוועק, ~ גע—
.
פֿלאַמט. 1. ברענען מיט אַ העל פֿײַער אַ לענגערע צײַט. „דאָס הילצערנע הויז האָט אַווע געפֿלאַמט ביז צום שטיינערנעם פֿונדאַמענט“. 2. גיך פֿאַרברענט ווערן. פֿיג. זיך

פֿאַרליבן. 3. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע
צײַט זײַן רויט   פֿון פּאַטש האָט די באַק
. ,,
אַוועקגעפֿלאַמט. 4. האָבן שטאַרקע היץ.
אַוועקפֿלאַסטערן — טרוו. ־טער אַוועק,
~געפֿלאַסטערט. 1. דזוו אויספֿלאַסטערן ←.
2. אָפּשאַפֿן דורך פֿלאַסטערן. אַ, די פֿרִיערדיקע
בלאָטעס און זאַמדן. 3. אַ לענגערע צײַט
זיך פֿאַרנעמען מיט פֿלאַסטערן.

1()9

אַוועקפֿלאַקערן — אוטוו. ־קער אַוועק, ~
געפֿלאַקערט. 1. אָנהייבן ברענען אָדער
ברענען אַ לענגערע צײַט מיט אַ גרויס פֿײַער.
,,די שׂריפֿה וועט נאָך אַ, שיינע עטלעכע
שעה“. 2. אָפּברענען ביזן סוף ,,דאָס גאַנצע
הויז האָט אַוועקגעפֿלאַקערט,,.

אַוועקסלי — דער, ־ען. ל2. אַקט אָדער
מאָמענט פֿון אַוועקפֿלִיען. זיך אָנגעהויבן דער
אַ, פֿון די זומערדיקע געסט.
אַוועקפֿליאַדערן — ־דער אַוועק, ~
געפֿליאַדערט. אוטוו — אַוועק(גיין פֿאָרן) גיך,

ׄ
לײַכטזיניק, אָן נייטיקע הכנות. אַ, און
פֿאַרגעסן עפּעס. טרוו — אויסזאָגן עפּעס
לײַכטזיניק, אומבאַטראַכט. אַ, אַלץ וואָס מע האָט
אים אָנפֿאַרטרויט.
אַװעקסליגלען — אוטוו. ־גל אַװעק, ~
געפֿליגלט. נעאָל. אָפּטראָגן זיך פֿאַרלאָזן דאָס

ׄ
אָרט וואו מען איז, ניצנדיק פֿליגל(ען). „און
ווען ס'איז די שעה געקומען, האָט ער גיך די
טיר צעריגלט און פֿון נעסט אַװעקגעפֿליגלט“,
אַלף כּץ, חלום עליכם, 1958.
אַװעקפֿלייצן — פֿלייץ אַװעק, ~געפֿלייצט.
אוטוו — שטראָמען, פֿלייצן ווײַט. אַ, בּיז צו...
טרוו — אַװעקשווענקען, אַװעקרײַסן מיט אַ
שטראָם. „דאָס געוויסער פֿלייצט אַװעק די
בּריק“.
אַװעקפֿלייצעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַװעקפֿלייצן.
אַװעקפֿליסן — אוטוו. פֿליס אַװעק, ~
גע1. פֿליסן
--
פֿלאָסן (זן אויך מיט בּ י ן).
אַ לענגערע צײַט אָדער אַ ווײַטן מהלך;

אַוועקרינען, אַוועקפֿלייצן. 2. זיך אָוועקטראָגן (ווי) מיטן וואַסער. „אַלע האָפֿענונגען האָבּן אַוועקגעפֿלאָסן“.

אַוועקפֿל▯עכץ — דאָס, ־ן (־ער). פּראָצעס פֿון אַוועקפֿליִען (אויך מיט בּיטול). אַן אַ, אין מיצקע דערינען.

אוועקפֿל▯ען — אוטוו פֿלי אַוועק, בּין ~ געֿ— .

פֿלויגן (ה אָ בּ אין לר: גראָדנע, דווינסק, בּיאַליסטאָק און אומג,). 1 פֿל▯ען פֿון אָרט .

וואו מען איז צו אַן אַנדער אָרט. אַ, פֿון... בּיז (קיין...). “אַ גאַנץ יאָר האָדעוועט מען די כּפּרה, און ערבֿ־יום־כּיפּור פֿליט זי אַוועק“, שוו. “זיין עושר ווערט פֿר לארן, זיין געלט פֿאַר גיט, אי [=איידער] ער זיין אויגן אויף טוט, אַז איין אדליר דער אַוועק פֿליהט“, לט1, 1/128. „ווי דער פֿויגל אַוועק צי פֿליהן, ווי אַשוואַלבּ צי פֿאַר יאָגן, אַזוֹ איז איין אומזיסטי קללה ווערט נישט מקוים“, מס, נושלי תּקע„ד, כו, 2.

2. אַוועקאײַלן זיך; אַוועקלויפֿן, אַוועקפֿאָרן גיך, אומגעריכט. „מע שמועסט, מ'האַנדלט,

מ'קויפּט — און מ'איז שוין אַוועקגעפֿלויגן", אבֿג, 'דער יוד אין קיִעבֿ [הש I]. ,,בנימין... איז בטבֿע גרייט...אַוועקצופֿליִען", ממוס,

מ◌ועור[.

3. גיך פֿאַרשווינדן, ניט ווערן. "דער ווינט פֿליט אַוועק, און די קערפּעס [= שוואַרצע ימגראָזן] בלײַבן", שוו. "איידער נאָך מע טוט אַ בליק, פֿליט ווי רויך אַוועק דאָס גליק", ממוס, יודל. ,,פֿאַר פֿרייד איז דער גאַנצער הונגער אַוועקגעפֿלויגן", שע, צעזייט און צעשפּרייט.

-

אַוועקפּירן

4. גיך פֿאַרבײַגיין (וועגן צײַט). ,,אוי! אַצינו זענען שוין אַ סך יאָרן פֿון די בעסטע נעבעך אַוועקגעפֿלויגן", עט, לידער. ,,די צײַט פֿ◌יט אַוועק, איידער מע קוקט זיך אַרום".

פֿפ◌ אַ, ווי אַן אָדלער, ווי אַ פֿייגעלע; ווי אַ רויך, ווי אַ (פּוסטער) חלום; ווי אַ רוח, אַ שד.

אַוועקפֿל◌ עניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקער אָדער פֿילמאָליקער) פּראָצעס פֿון

אַוועקפֿלִיִען.
אַוועקפֿליקן
— טרוו. פֿליק אַוועק, ~געפֿליקט.
אַוועקרײַסן, אַוועקצופּן. אַ, די לע טע פֿעדערן;
אַ אַ פּאָלע.

,
אַוועקסלירטעווען — ־טעווע אַוועק, ~
געפֿלירטעוועט. אוטוו — פֿלירטעווען אַ
לענגערע צײַט. טרוו — צונעמען פֿון עמעצן,
אַרײַנקריגן פֿאַר זיך דורך פֿלירט. אַ אַ חתן
,

-
פֿון אַ חבֿרטע.
אַוועקפֿלעכטן
— טרוו פֿלעכט אַוועק, ~
גע.
פֿלאָכטן. 1. אַוועקרוקן אין אַ זײַט,
פֿאַרבייגן דורך (בײַם) פֿלעכטן. אַ, שטריקלעך וואָס
שלעפּן זיך נאָך. 2. פֿלעכטן אַ לענגערע צײַט.
אַוועקסלעמלען — אוטוו. ־מל אַוועק,

~געפּלעמלט. 1. בּרענען מיט אַ קליין, קוים קאָנטיק פֿײַערל אַ לענגערע צײַט. „דער קנויט איז געווען כּמעט טרוקן, דאָך האָט דאָס לעמפּל נאָך אַוועקגעפּלעמלט אַ היפּשע צײַט„. 2. זײַן (ווערן) רויטלעך. בּעקלעך פֿלעמלען אַוועק.

אוועקפֿלעמען — טרוו פֿלעם אַוועק, ~

גע .

פֿלעמט. אַוועקיאָגן, אַוועקשטויסן מיט אַ פֿלעם. אַ, עמעצן, ער זאָל ציילן די ציין.

אַוועקפֿעכטן — טרוו. פֿעכט אַוועק, ~ געפֿאָכטן (~געפֿעכט). אַוועקיאָגן, אַוועקשטופּן אין אַ זײַט דורך (בּײַם) פֿעכטן. מיט ז י ך — פֿעכטן זיך אַ לענגערע צײַט.

אוועקפֿעלן אוטוו, דריטפּערזאָניק פֿעלט

—

אַוועק, ~געפֿעלט פֿטמ. דזוו אויספֿעלן ←.

—

.

אָלע פּפּ — ניט טרעפֿן אין ציל.

-

אַוועקסעסערן — טרוו. ־פֿער אַוועק, ~ געפֿעפֿערט. 1. קאַליע מאַכן דורך אַרײַנגעבּן צו פֿיל פֿעפֿער, איבּערפֿעפֿערן. אַ, די פֿיש. 2.

באַשיטן מיט (אַרײַנטאָן) וואָסער ניט איז
געווירץ און אַוועקשטעלן. אַ, מיט ענגליש
געווירץ. „אַ, מיט נאַפּטאַלין די פּעלצן„, רייד.

אַוועקסרייען זיך — אוטוו. פֿריי זיך אַוועק,
זיך ~געפֿרייט. (שטאַרק) פֿרייען זיך אַ
לענגערע צײַט. אַ, זיך מיטן ליבן גאַסט.

אַוועקסריצעווען — טרוו. ־צעווע אַוועק,
~געפֿריצעוועט. אויסנאַרן, אַוועקנאַרן. אַ,
דאָס העמד פֿון לײַב.

אַוועקסריצקעווען — ־קעווע אַוועק, ~
געפֿריצקעוועט. אוטוו — דזוו
אַוועקפֿיאָקעווען ←. טרוו — דזוו אַוועקפֿריצעווען ←.

-

אַוועקסרירן — פֿריר אַוועק, ~געפֿרוירן,

~געפֿראָרן. אוטוו — לײַדן פֿון קעלט אַ
לענגערע צײַט; שטאַרק פֿרירן. אַ, דעם גאַנצן
ווינטער. טרוו — 1. פֿאַרפֿרירן (און
אַוועקלייגן אין אַ זײַט). ,,איין העלפֿט שעפּסעלע
האָבן מיר אויפֿגעגעסן און דאָס איבעריקע
אוועקגעפֿרוירן,,, בריוו. 2 פֿאַרשטויסן דורך
— .
זייער קאַלטער באַציאונג. ,,איר פֿרירט מיך
אַוועק פֿון דאַנעט,,, רייד.

-

אַוועקפּרעגן

אַוועקסרעגן — טרוו. פֿרעג אַוועק, ~
געפֿרעגט. 1. אָפּפֿרעגן. בטל מאַכן דורך פֿרעגן.
אַ, די דאָגמאַטישע רייד, די ספֿקות אאַ.
2. פֿרעגן אַ סך אָדער אַ לענגערע צײַט. ,,וואָס

אַ קינד קען אַ, קען אַ חכם ניט
פֿאַרענטפֿערן“, שוו.
-
אַוועקסרעסן — טרוו פֿרעס אַוועק, ~
גע
פֿרעסן. 1. עסן אָן אַ מאָס, אויף אַ מיאוסן
אופֿן, אַ לענגערע צײַט. „און אַלעמאָל
אויסמייקענדיק, קענען [די הײַפֿיש] אַ אַ גאַנץ לאַנגע
,
צײַט, אָן אַן עק און אָן אַ סוף“, קמ, 1869,
No 46. 2. אויפֿעסן, אויפֿצערן; באַזײַטיקן
דורך אָפּפֿרעסן. „אַז ווילד פֿלייש ווער אַן זײַן
פֿוס...ווען ער דען פֿוס לאָזט אָפּשנײַדן, קען
ער לעבן בלײַבן...ווען ערש אבר אַזו לאָזט,
ביז ער שטרבט דער פֿון עש אים אַוועק
פֿרעסט“, עין, 2/54.
אַוועקצאָלן — טרוו. צאָל אַוועק, ~געצאָלט.
1. באַצאָלן אַ הויכן פּרײַז. אַ אַ פֿאַרמעגן.
,
2. צאָלן אַ לענגערע צײַט. אַ, די אַלטע חובֿות
עטלעכע יאָר.
אַוועקצאַמען — טרוו. צאַם אַוועק, ~
געצאַמט. לד. דזוו אַוועקצוימען ←.

אַוועקצאַנקען — אוטוו. צאַנק אַוועק, ~ געצאַנקט. 1. קוים־קוים ברענען אַ לענגערע צײַט. 2. ביסלעכווײַז פֿאַרלירן כוחות, געזונט (און אויסגיין). „די זקנה צאַנקט אַוועק ווי אַ ליכט“.

אַוועקצאַפּלען — אוטוו. ־פּל אַוועק, ~ געצאַפּלט. 1. זיך אָפּרוקן, זיך אָפּשיידן פֿון עפּעס מיט אַ צאָפּל(עניש). אָ, פֿון אַזעלכע מענטשן. 2. ציטערן אַ לענגערע צײַט; אָנהייבן צאַפּלען. אַ, פֿון שרעק.

אַוועקצאַפּן — טרוו. צאַפּ אַוועק, ~געצאַ□ט. 1. אָפּצאַפּן, באַזײַטיקן דררך לאָזן אָפּרינען. אַ, די מילך פֿון ברוסט. 2. צאַפּן אַ לענגערע צײַט. 3. אַרויסקריגן עפּעס דורך אַ סך פֿרעגן אָדער פּרעסן.

אַוועקצאַצקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געצאַצקעט. 1. אַוועקאַרבעטן עפּעס שיין, מיט הנאה, מיט זאָרגעניש פֿאַר אַלע פּרטים. 2. אַרומפּוצן, אויספּוצן.

אַוועקצאַצקעניש — דאָס (די) □ ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקצאַצקען (זיך).

אַוועקצאַצקע(נע)ן זיך — אוטוו. ־קע זיך אַוועק, זיך ~געצאַצקעט. 1. אַ לענגערע צײַט צאַצקען זיך, שפּילן זיך, האַלטן עפּעס פֿאַר

זיך און זײַן מיט דעם צופֿרידן. 2. מיט
גרויס הנאה טאָן אַן אַרבעט, זיך
אַרײַנלאָזנדיק אין פּרטים. א, זיך מיט אַ פֿיגורקע, מיט
אַ פֿיסל פֿון אַ טיש, מיט אַ דערציילונג אאַזוו.
3. באַרימען זיך מיט עפּעס. אַ, זיך מיט די
אייניקלעך.
אַוועקצאָר(ע)נען — אוטוו. צאָרן אַוועק,
~געצאָרנט. 1. אַ לענגערע צײַט זײַן שטאַרק
אין כּעס. אַ, אויף עמעצן אַלע לעבנסטעג.
2. אַוועקגיין, אָפּוויַכן אין גרויס כּעס. „דער
אַלטער האָט ניט געקאָנט פֿאַרנעמען די
אַפּיקורסישע רייד און האָט אַוועקגעצאָרנט“,
רייד.
אַוועקצו — אַדוו. אויך: אַוועקצוצו. ווײַזט
אויף אַ דערווײַטערונג אין אַן אומבאַשטימטער
ריכטונג צו אַן אָרט וואָס .ז אויף אַ היפּשן

11()

מהלך פֿון אויסגאַנגפּונקט. [ניט צונויפֿמישן
מיט דער קאָמבינאַציע פֿון קאָנווערב אַ וו ע ק
און פּרעפּאָזיציע צ ו: ער איז אַ ו ו ע ק
צ ו די פֿרײַנד]. שטרעבן אַ', אין דער
צוקונפֿט אַרײַן. „אין אָוונטגלאַנץ געפֿלויגן צו

די אינדזלען וויַיט אַ',,, יהואָש.

אַוועקצוואָגן — טרוו. צוואָג אַוועק, ~ געצוואָגן. 1. דערוויַיטערן, בּאַזיַיטיקן דורך צוואָגן. אַ, די ניסלעך פֿון די האָר. 2. צוואָגן אַ צאָל אָדער אַ לענגערע ציַיט. אַ, די מיידלשע קעפּלעך בּיז צום ליכטצינדן. 3. (פֿיגוראַטיוו). שטאַרק מוסרן, אויסזידלען. אַ, עמעצן פֿאַר עפּעס.

אַוועקצוואָגעניש — דאָס (ד), ־ן. 1. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקצוואָגן. 2. שאַרפֿער מוסר; געדויערדיק זידלען.

אַוועקצוויטען — אוטוו. ־טע אַוועק, ~ געצוויטעט. אוקר. מג. 1. אָנהייבּן אַרויסצוּבּרענגען צוויט. ,,איין וואַרעמער טאָג — און די בּיימלעך צוויטען שוין אַוועק“. 2. אויפֿהערן צוויטען. 3. צוויטען אַ לענגערע ציַיט.

אַוועקצוויטערן — ־ער אַוועק, ~ געצוויטערט. אוטוו — 1. זינגען, פּישטשען ווי אַ פֿייגעלע אַ לענגערע ציַיט אָדער אָנהייבּן עס צו טאָן. 2. אַוועקפֿליִען, דערוויַיטערן זיך צוויטערנדיק. טרוו — דערוויַיטערן, בּאַזיַיטיקן דורך צוויטערן. אַ, דעם הונגער.

אַוועקצווינגען — טרוו. צווינג אַוועק, ~ געצוואונגען. דערוויַיטערן איבּערגוואַלד, מיט

כוח, דורך עפּעס אַ דרוק. אַ, דעם ייִדן דורו
פֿאָגראָמען און באָיקאָט.
אַוועקצווינגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקצווינגען.
אַוועקצוויקן — טרוו. צוויק אַוועק, ~
געצוויקט. אַוועקקנייַפּן, אַוועקצופּן. אַ, אַ שטיק
פֿלייש.
אַוועקצוימען — טרוו. צוים אַוועק, ~געצוימט.
1. באַזײַטיקן, אָפּגרענעצן דורך אַ
פֿאַרצוימונג. אַ אַ שטיק פּאַשע פֿון וי פּויערישע
בהמות. 2. ציִען אַ צוים אויף אַ לענגערן
שטח. אַ, דעם גאָרטן ביז צום טײַכל.
אַוועקצופּן — טרוו. צופּ אַוועק, ~געצופּט.
1. אַוועקרײַסן מיט אַ גיכער, האַסטיקער
באַוועגונג. אַ, אַן איבעריקע האָר. 2. צופּן
פֿילמאָליק, אַ לענגערע צײַט. אַ, דאָס בערדל.
3. אַוועקגנבֿענען. „...זאָל ערגעץ אַ, וואַנטעכער
וואָל און אָנפּאַקעווען די בריטשקע“, דלוגאַטש,
וועלט־מסורה, וואַרשע 1881.
אַוועקצוקן — טרוו. צוק אַוועק, ~געצוקט.
אַוועקכאַפּן, אַוועקשלעפּן. אַ, די האַנט פֿון
פֿײַער. „דאָ קומען די קינדער פֿון בנימין...אַ,
די מיידלעך פֿון ישׂראל און נעמען זיי צו

ווײַבער“, צור, נשׂא.
אַוועקצוקערן — טרוו. ־ער אַוועק, ~
גערצוקערט. 1. אַרײַנגעבן צוקער און
אַוועקשטעלן. א, יאַגדעס אויף ווינטער. 2. דזוו
אויסצוקערן בּ2 ←.
אַוועקצי — דער, ־ען. (זן). אַקט אָדער
מאָמענט פֿון אַIוועקציִען. אַן אַ, מיט כּוח.
אַוועקציאונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַוועקציִען.
אַוועקציגיינערן — טרוו. ־נער אַוועק, ~

געאַוועקצ־ען

ציגײַנערט. אַוועקגנבֿענען; אויסנאַרן. אַ, אַ
פֿערד פֿון שטאָל. אוטוו — לעבן הפֿקרדיק.
אַוועקציטירן — טרוו. ־טיר אַוועק, ~(גע)־
ציטירט. ציטירן אַ סך, איבעריקס, אַ
לענגערע צײַט. אַ, גאַנצע זײַטן פֿון בוך; אַ, אויף
אויסנווייניק די פּאָעמע.
אַוועקציטערן — ־טער אַוועק, ~געציטערט.
אוטוו — 1. אָנהייבן ציטערן. 2. (שטאַרק)
ציטערן אַ לענגערע צײַט. טרוו — אַוועקכאַפּן,
אַוועקנעמען אין ציטערניש. אַ אַ פֿינגער, אַ

,
האַנט פֿון דער שאַרף פֿון חלף.
אַוועקצייכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקצייכענען. (אומ־)
פּינקטלעכע אַ'.
אַוועקצייכענען — טרוו. צייכן אַוועק, ~
געצייכנט. 1. צייכענען אַ לענגערע צײַט. אַ,
אַ פּלאַן בֿיז שפּעט אין אָוונט. 2. דורך
צייכענען עפּעס באַזײַטיקן פֿאַרשטעלן, מאַכן
,
ניט קאָנטיק. אַ, די איבֿעריקע ליניעס און
מאַכן אוזאָרן פֿון זיי. 3 פֿאַרענדיקן מאַכן
—
.
צייכנס, סימנים. אַ אַלץ פֿון אַ גרויסער
,

רשימ״ה.
אַוועקציילן — טרוו. צייל אַוועק, ~געציילט.
1. ציילן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אַ, בֿיז אַ
מיליאָן. 2. ניט אַרײַננעמען אין חשבון, לאָזן
אין אַ זײַט בײַם ציילן. אַ, די פֿאַרבֿראַקירטע
שטיקלעך סחורה.
אַוועקציילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקציילן. אַן אַ, בֿיז אַ מיליאָן.

אַוועקצילן — טרוו. ציל אַוועק, ~געצילט.
צילן אין אַ זײַט, ניט אין ציל אַרײַן. היפּך
פֿון אַרײַנצילן. אַ, די פֿײַל פֿון רויטן קויק
(קרײַז), די קויל פֿון עמעצנס קאַפּ.
אַוועקצימבלען — ־בל אַוועק, ~געצימבלט.
אוטוו — 1. אָנהייבן צימבלען. 2. צימבלען
אַ לענגערע צײַט. טרוו — 1. דזוו
אויסצימבלען ←. אַ, אַ מאַרש. 2. מיט צימבלען
עפּעס פֿאַרהילכן, מאַכן אומקלאָר אַן אַנדער
גערויש. אַ, די פֿאַלשע טענער.
אַוועקצימבלעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקצימבלען. זיך
פֿאַרשטאָ□ן די אויערן בײַ אַזאַ אַ'.
אַוועקצינדן — טרוו. צינד אַוועק, ~געצונדן.
1. אָנהייבן צינדן. 2. אָנצינדן אַ צאָל זאַכן,
צינדן אַ לענגערע צײַט. 3. פֿאַרברענען;
אונטערצינדן; דורך פֿײַער פּטור ווערן. „אַ, דעם
גאַנצן רומל — און אַ סוף זאָל עס נעמען! □
אַוועקצ□ען — אוטוו. צי אַוועק, ~געצויגן.
1. [מיט ז ײַ ן אין פֿצ] אַרכ. איצט בלויז
אין סטיל פֿון געהויבנקייט. פֿאַרלאָזן אַן
אָרט, אַוועקפֿאָרן. „ווען מקצת רו"ט [=ראשים
וטובֿים] ציהן איין וועק...דא זולן זיך דר

פֿיר...קלויבן אַנדרי מנהיגים. די דא ווערין
זיין בּמקומם,,, תּקק. ,,זײַט ווישן אַז...ער
ווערד ווידר אַן וועק ציהן אויף איין גוט גליק'',
פּראָגבּ. ,,אלזו האָט בּעלי זצ''ל תּכף איין עגלה
גידונגין אונ, זיינין דען אובֿינט הין וועק
גיצאגין'', גה, l55. ,,דער גוטער ר, חנינה ציט
אַוועק לערנען און הש,,י העלפֿט אים'', א.
פֿאַוויר, ספּורי הפּלאות, וואַרשע 1844.

2. אַוועקגיין, אָנהי□בּן אַ נסיעה;
טראַדיציאָנעלע איבּערזעצונג פֿון 'נסע', אויך אין תּי:

אַוועק□צ□ען

,,און זיי האָבּן אַוועקגעצויגן פֿון בּית־אַל'',
בּראשית, לה, l6; ,,און ישׂראל האָט
אַוועקגעצויגן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט,,,
דאָרטן, מו, 1 [פּאַראַלעל צו: ציִען]. 3. אַרכ.
ווי בּ1. אַנטלויפֿן, אָפּטראָגן זיך. ,,און ער ליס
זיין ווייבּ דער היים דאש זיא וואַר פֿון אים
טראָגן, דערנאָך צוג ער אַוועק,,, לט1, ה/בּ.
4. (אייפֿעמיסטיש) אַוועקשטאַרבּן. ,,און דאָס
אַ, פֿון דער וועלט געשעט אַלע צײַט, און
דאָס פֿאַרענדערונג איז תּמיד אדן דער וועג
איז לאַנג,,, חה.

אַוועקצ￼ען — טרוו. ← דפֿוו. 1. ציִען אין אַ
זײַט אָדער ווײַטער; אַוועקשלעפּן, אָפּציִען עפּעס
פֿון עפּעס. אַ אַ זאַך פֿון אָרט, אַ, דעם שטריק

,

אאַ￼זן. „...האָט דעם וועג פֿון דעם בּאַך
אַוועקגעצויגן אויף אַן אַנדער זײַט", ר, אַהרן
מטריבֿש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר,'ג. 2.
אַוועקנעמען. „גאָט ציט אַוועק די פּרנסה פֿון
די שפּיטערס [= שפּעטערס]„, לט2, 2/99.
3. פֿאַרציִען, אָפּ￼יגן. „זײַן סיסטעם איז
בּאַשטאַנען אין ציִען, אָפּציִען פֿאַרציִען, אַ,...

,

און וואָס מער אַוועקגעצויגן￼איז אַלץ בּעסער„,
שע פֿון כּתרילעווקע. 4. אָפּווענדן, אָפּנייגן.

,

„משכו וקחו לכם צאָן, [שמות, יבֿ, 1￼] —
האָבּן אונדזערע חכמים ז"ל געדרשעט דאָס
וואָרט 'משכו, — ציט אַוועק אײַערע הענט
פֿון דינען כּוכבֿים און פֿון די איבּעריקע
שלעכטע מידות„, קה 292 ,I. „אַ טײַך האָט
איר... — וויל איך אים אַ, פֿון די טרויעריקע
געדאַנקען. זײַן בּלאַס ￼פּנים ווערט נאָך
בּלאַסער", פּרץ, 'עמיגראַנט'.

אַוועקצ□ען זיך — ← אָוועקציִען, אוטוו.

1. זיך איבּערקלײַבּן; או□ פֿהערן צו וואוינען אין אַ בּאַשטימט אָרט. זיך אַ, פֿון דער שטאָט, גאַס, געגנט, לאַנד. 2. פֿאַרנעמען כּסדר אַ גרויסן שטח. „פֿאָרנטצו ציִען זיך... אַוועק פֿעלדער תּבֿואה העט לאַנג, ניט צו פֿאַרנעמען מיטן אויג“, ממוס, ספֿר הבּהמות. 3. געדויערן אָן איבּעררײַסן, פֿאַרנעמען אַ סך צײַט. זיך אַ, בּיז חצות. „וויי, וויי! ווי לאַנג וועט זיך נאָך דער גלות אַ'? ווער וועט דאָס קענען סובֿל זײַן?“, נצ2, קמז/ד. „אָ פּאָגראָם... אַז ער הייבּט זיך אָן, ציט זיך עס אַוועק דרײַ טעג“, שע, מאָטל דעם חזנס.

אַוועקצ□עניש — דאָס (די), ־ן. (
גדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקציִען פֿאַרשלעפּעניש,
.
אָפּלייגעניש.

אַוועקציקלען זיך — אוטוו. ציקל זיך אַוועק, זיך ~געציקלט. אָנהייבּן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט זינגען מיט אויסגעצויגענע און וויבּרירנדיקע טענער. אַ, זיך ווי אַ חזן פֿאַרן עמוד, ווי דעם מלמדס (רבּינס) ציג.

אַוועקצירן —— טרוו. ציר אַוועק, ~געצירט.

דזוו אויסצירן →.
אַוועקצירעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק, ~געצירעוועט. 1. פֿאַרשטריקן דאָס צעריסענע. אַ, די לעכער אין הענטשקעס, זאָקן.
2. אַ לענגערע צײַט צירעווען. אַ, זאָקן בֿיז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.
אַוועקצישען — ־שע אַוועק, ~געצישעט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבֿן קלאַנגען, ענלעך צו צש־צש. טרוו —

טרײַבֿן דורך צישען; בֿאַרואיקן דורך מאַכן צש־צש. אַ, די הינער, די קינדער.
אַוועקצלמען זיך [...ציילעמען] אוטוו. צלם זיך אַוועק, זיך ~געצלמט. אַ סך מאָל מאַכן איבֿער זיך דעם קריסטלעכן צייכן פֿון אַ צלם.
„די גויע האָט זיך אַוועקגעצלמט אפֿשר צען מינוט נאָכאַנאַנד“.
אַוועקצענטלען — טרוו. ־טל אַוועק, ~ געצענטלט. אַריבֿערפֿירן פֿאַרשיידענע מינים בֿרוכצאָלן צו דער סיסטעם פֿון דעצימאַלע בֿרוכצאָלן. אַ, דרײַ אַכטל און קריגן 0.375.

אַוועקצערטלען — טרוו. ־טל אַוועק, ~
געצערטלט. 1. צערטלען אַ לענגערע צײַט.
2. דורך צערטלען עפּעס בּאַזײַטיקן,
בּאַרואיקן. אַ, דעם ווייטיק, די טרערן.
אַוועקצערטלען זיך — קזוו. ← דפּוו.
אַרויסוויזן איינער דעם אַנדערן
צערטלעכקייטן אַ לענגערע צײַט. זיך אַ, ווי טײַבּעלעך.
אַוועקצערן — טרוו. צער אַוועק, ~געצערס.
דורך אויסמאָגערן (זיך) עפּעס בּאַזײַטיקן. אַ,
דאָס איבּעריקע פֿעטס.
אַוועקצעשען — טרוו. ־שע אַוועק, ~
געצעשעט. אַוועקהאַקן, אַוועקהובּלען. אַ, די קאָרע.
אַוועקקאַטעווען — טרוו. ־טעווע אַוועק,
~געקאַטעוועט. שטאַרק שמײַסן אַ לענגערע
צײַט. אַ, עמעצן בּיז יענער חלשט.
אַוועקקאַטשען — טרוו. ־טשע אַוועק, ~
געקאַטשעט. 1. אַוועקקײַקלען. אַ, דאָס פֿעסל.
2. פּאָמפּען אַ לענגערע צײַט. אַ, דאָס וואַסער.
אַוועקקאַטשען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אַוועקגיין, זיך דערווײַטערן, קאַטשענדיק זיך (
ענלעך צו די בּאַוועגונגען פֿון אַ קאַטשקע). אַ,
זיך אויף די דיקע און קורצע פֿיסלעך.
2. אַוועקקײַקלען זיך. „האָבּן די אויגן מײַנע,
קוקנדיק דאָ, זיך אין דמיון אַוועקגעקאַטשעט“,

אצג, קריג אויף ערד. *אַ, זיך פֿון געלעכטער
= זייער שטאַרק לאַכן.
אַוועקקאָכן — טרוו. קאָך אַוועק, ~געקאָכט.
1. קאָכן אַ לענגערע צײַט. אַ, ביז שפּעט אין
אָוונט. 2. דורך קאָכן עפּעס באַזײַטיקן. אַ,
דאָס איבעריקע וואַסער.
אַוועקקאָכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך היצן,
זיך אַמפּערן אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך אין
אַ דעבאַטע.
אַוועקקאָכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקקאָכן (זיך). אַ קריגערײַ, אַן אַ'.
אַוועקקאַלויצען — טרוו. ־צע אַוועק, ~
געקאַלויצעט. וורר. אַוועקקלאַפּן, אַוועקדרעשן.
אַ אַ קופּע תּבֿואה.

אַווע́קקאַלופּע(נע)ן — טרוו. ־פּע אַוועק,
~געקאַלופּעט. 1. אַוועקנעמען עפּעס דורך
אַרויסקריגן עס (מיט די נע□ל אָדער אַ מכשיר)
פֿון א שפּאַלט, שמאָלער פֿאַרטיפֿונג. אַ, פֿון
ערגעץ אַ ביסל בלאָטע. 2. אַוועקרײַסן עפּעס
וואָס איז צוגעפֿעסטיקט. אַ, דעם קאַלך פֿון
דער וואַנט.
אַוועקקאַליאַקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געקאַליאַקעט. סל. אַוועקפּלאַפּלען; סתּם ריידן

וועגן פּוסטע זאַכן אַ לענגערע צײַט. אַ, וועגן
דעם אָדער יענעם בײַז אין דער נאַכט אָרײַן.
אַוועקקאַליעטשען — טרוו. ־טשע אַוועק,
~געקאַליעטשעט. 1. אינ⃞אַנצן פֿאַרדאַרבן,

אַוועקקאַרבן

קאַליע מאַכן. אַ, דעם גאַנצן עסק. 2. מאַכן
עמעצן פֿאַר אַ קאַליקע. אַ אַ קינד מיטן

,

שלאָגן (מיטן כסדר נאָכגעבן).
אַדועקקאָלירן — טרוו. ־ליר אַוועק, ~(גע)־
קאָלירט. אויסמעקן, באַזײַטיקן עפּעס מיט
קאָלירן, באַפֿאַרבן. אַ, די אומגעראָטענע
צייכענונג.
אַוועקקאַלכן — טרוו. קאַלך אַוועק, ~
געקאַלכט. 1. דורך אויסשמירן מיט קאַלך ע⃞עס
באַזײַטיקן, פֿאַרשטעלן, אויסמעקן. אַ, די
פֿלעקן אויף די ווענט. 2. קאַלכן אַ לענגערע
צײַט. 3. (אַקטיאָרן־לשון) אומקלאָר,
שטאַמלענדיק אַוועקזאָגן עפּעס.
אַוועקקאָלערן — טרוו. קאָלער אַוועק, ~
געקאָלערט [אין לד ניט פֿאַראַן]. אַוועקקײַקלען.
אַ, קלעצער.

אַוועקקאָלערן זיך — ← דפֿוו. קזוו —
קײַקלען איינס דאָס צווייטע. אַ, זיך אין היי.
אוטוו — זיך אַוועקקײַקלען, פֿון זיך, אָן אַ
כּיוון. דאָס מזלדיקע ניסל האָט זיך
אַוועקגעקאָלערט.
אַוועקקאָמאַנדעווען — אוטוו. ־דעווע
אַוועק, ~געקאָמאַנדעוועט. 1. אַ לענגערע צײַט
קאָמאַנדעווען איבֿער עמעצן. „אויבֿ מע
בּאַלאָזט זיך, וועט זי אַ, איבֿער אונדז די גאַנבֿע
צײַט“, רייד. 2. ו▯.לדעווען, מאַכן שטיק,
יונגאַטשעווען אַ לענגערע צײַט. אַ, בּיז דער
טאַטע קומט.
אַוועקקאַמען — טרוו. קאַם אַוועק, ~
געקאַמט. לר. דזוו אַוועקקעמען ←.
אַוועקקאַנויקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~
געקאַנויקעט. אָנהייבּן אָדער אַ לענגערע צײַט
קאַנויקען, 'וויינען, ווי אַ הונט אָדער אַ קאַץ.
„דאָס קינד האָט אַוועקגעקאַנויקעט בּיז די
מאַמע איז געקומען“, רייד.
אַוועקקאָנטשען — [אָפּט ווייכע נ] טרוו.
־טשע אַוועק, ~געקאָנטשעט. אַוועקענדיקן,
פֿאַרענדיקן, אויסענדיקן. אַ, אויך גיך.
אַוועקקאָסען — טרוו קאָסע אַוועק, ~
געקאָסעט. 1. אַוועקשנײַדן מיט אַ קאָסע. אַ,

גראָז. 2. קאָסען אַ לענגערע צײַט. אַ, בֿיז פֿאַרנאַכט.

אַװעקקאַפּען — קאַפּע אַװעק, ‎.געקאַפּעט.
דזװ אַװעקטריפֿן ←.

אַװעקקאָפּען — טרװ. קאָפּע אַװעק, ~ געקאָפּעט. 1. אַװעקשטױסן מיטן פֿוס, אַװעקבריקע(װע)ן. „ער האָט זיך ראַפּטום אױפֿגעשטעלט, אװעקגעקאָפּעט מיטן פֿוס דאָס בענקל“, פּרץ, 'װאָס הײסט נשמה'. 2. סל. אַװעקגראָבן.

אַװעקקאָפּעניש — דאָס (די), ־ן. (געדױערדיקער) פּראָצעס פֿון אַװעקקאָפּען.

אַװעקקאַקן — טרװ. קאַק אַװעק, ~געקאַקט. װאול. בּמקום־װערב פֿאַר אַ צאָל טואונגען װאָס װערן דורכגעפֿירט זײער שלעכט, מיאוס. אַ אַן אַרבעט.

,
אַװעקקאָקעטירן — אוטװ. ־טיר אַװעק, ~געקאָקעטירט. קאָקעטירן אַ לענגערע צײַט (אױף פֿאַרשײדענע אופֿנים). אַ, מיט (פֿאַר) עמעצן.

אַװע קאַרבן — טרװ. קאַרב אַװעק, ~ געקאַרבט. אַװעקשנײַדן דורך מאַכן אײַנשניטן, קאַרבן. אַ, די עטלעכע סוקעס.

אַוועקקאָרזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~געקאָרזשעט. אַוועקטרייסלען, אַוועקשטויבן. אַ, די טעפּעכער.

אַוועקקאָרטשעווען — טרוו. ־טשעווע אַוועק, ~געקאָרטשעוועט. וורר, אוקד. אַוועקגראָבן וואָרצלען. אויסהאַקן אַ וואַלד און אַ, די פּעניעס.

אַוועקקאָרמעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקקאָרמע(נע)ן.

אַוועקקאָרמע(נע)ן — טרוו. ־מע אַוועק, ~געקאָרמעט פּיטערן, שפּײַזן אַ לענגערע .

צײַט. אַ, די גענדז ביז פּסח־צײַט.

אַוועקקאַרסקענען — טרוו. ־סקע אַוועק, ~געקאַרסקעט. זאַמעט. < ליט. אַוועקגראָבן; אַוועקשטופּן, אַוועקשטויסן. „די הינער קאַרסקענען אַוועק דעם שטויב“.

אַוועקקאָש(י)ען — טרוו. ־ש(י)ע אַוועק, ~געקאָש(י)עט. פּד. דזוו אַוועקקאָסען ←.

אַוועקקוואָקטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק, ~געקוואָקטשעט. אַ לענגערע צײַט קוואָקטשען (ווי אַ הון). „די אַלטיטשקע האָט נעבעך אַוועקגעקוואָקטשעט אַ גאַנצע נאַכט“, רייד.

אַוועקקוואַקען □ אוטוו. ־קע אַוועק, ~ געקוואַקעט. אַ לענגערע צײַט קוואַקען (ווי אַ פֿראָש).

אַוועקקוואָקען — אוטוו. ־קע אַוועק, ~ געקוואָקעט. 1. דזוו אַוועקקוואַקען. 2. דזוו אַוועקקוואָקטשען.

אַוועקקוויטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק, ~געקוויטשעט. 1. אָנהייבן קוויטשען. 2. קוויטשען אַ לענגערע צײַט.

אַוועקקוויטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקקוויטשען. אַן אַ, אַז מע מוז די אויערן זיך פֿאַרשטאָפּן.

אַוועקקוועטשן — טרוו. קוועטש אַוועק, ~געקוועטשט. 1. באַזײַטיקן דורך קוועטשן, דריקן, פּרעסן. אַ, אייטער פֿון אַ פּרישטש. 2. אַ לענגערע צײַט דריקן.

אַוועקקוועטשן זיך — ← דפֿוו. 1. אַ לענגערע צײַט זיך מאַטערן בײַם אַרויסברענגען עפּעס, זאָגן, טאָן; מאַכן לאַנגע הכנות (פּעיאָ). 2. קזוו. זיך צערטלען. וואול.

אַוועקקוועטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקקוועטשן (זיך).

□ ועקקוועלן — אוטוו. קוועל אַוועק, ~ געקוואָלן, ~געקוועלט. אָנהייבן אָדער (און) אַ

לענגערע צײַט האָבן נחת. אַ, פֿון דעם קינדס
חכמות.
אַוועקקוועלן זיך — [לאַנגע ע אין פּד און
אוק] אוטוו. קוועל זיך אַוועק, זיך ~געקוועלט.
זיך מאַטערן אַ לענגערע צײַט.
אַוועקקוענקלען זיך — אוטוו. ־קל זיך
אַוועק, זיך ~געקוועקלט. אַ לענגערע צײַט
ניט קענען זיך באַשליסן. אַ, זיך און
דורכלאָזן אַ גוטע געלעגנהייט.
אַוועקקוילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקקוילע(נע)ן.
אַוועקקוילע(נע)ן — טרוו. קוילע אַוועק,
~געקוילעט. 1. אַוועקהרגענען, אויסשעכטן.
אַ, די הינער. „דײַן מאַמע וועט אונדז אַ'“,
אָפּאַ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבת,. 2. רואינירן,
אַוועקפּטרן, אינגאַנצן קאַליע מאַכן. די הוצאות
האָבן אים אַוועקגעקוילעט“, פּרץ. „די

קייט האָט שוין ניט איין שוואַרצן ראָק אַוועק..
געקוילעט,,, אַר, 'פלאַמעס'. ער קוילעט מיך
אַוועק (אָן אַ מעסער) = (אָפּט): ער שטעלט

מיך בדלות, ער פֿאַרקאָנקורירט מיך.

אַוועקקו ⯑; — דער, ־ן. אַקט פֿון אַוועקקויפֿן.
וי

אַוועקקויסן — טרוו. קויף אַוועק, ~געקויפֿט.
1. אָפּקויפֿן וואָס עס מאַכט זיך, וואָס עס איז נאָר פֿאַראַן צו קויפֿן. אַ, אַלץ, הכּל, בכּל, מכּל, פֿלעקל. „...דאַרע שטיקלעך ברויט, וואָס איך פֿלעג אַ, ביי אָרעמעלייט מיט טאָרבעס„, ממוס, קליאַטשע. „דער ייִד...זאָל אַ, דאָס גאַנצע ביסל נאַפֿט אין באַקו“, פּרץ, 'בריוו אויס וואַרשע'. „...וואָלט זיך שוין לאַנג געפֿונען אַ בעלן וואָס וואָלט אַוועקגעקויפֿט אָט די אַלע בילדער“, שע, אין שטורעם. 2. אָפּקויפֿן אויף שטענדיק, אויף ניט צוריק צו פֿאַרקויפֿן. „זי זאָל זען אַז ער זאָל איר אַ, דאָס הייזל...אויף איר נאָמען“, שע, טביה. „ס'זאָל זיין משניותן אַ גאַנצער גאַנג וואָלט איך זיי אפֿשר אַוועקגעקויפֿט“, שע, מאָטל. 3. אָפּקויפֿן אויף גיך (אַ צווייטער זאָל ניט אויסכאַפּן). „...איך זאָל אַלע ביכער אַ, און זיי פֿאַרברענען“, יפּ. „...און קויף אַוועק די דאָזיקע שטוב אינגאַנצן, מיט אַלע דריי חדרים“, שע. „לאָמיר אַ, די גוראַלניע, מע וויל זי פֿאַרקויפֿן אויף ברוך“, בערג, ביים דניעפּער I.

אַוועקקויפֿעכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון גיכן אַוועקקויפֿן (איר בײַטעם). אַן אַ,
אָן דינגע זיך.
אַוועקקויסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקקויפֿן.
אַוועקקויקלען — טרוו. ־קל אָוועק, ~
געקויקלט. וורר, אוקר, מג. [אַנדערע ריידענישן:
~קײַקלען]. אַוועקדרייען, אַוועקקאַטשען.
אַוועקקאָלערן. אַ, די קראָקעט־באַלן.
אַוועקקויקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון
זיך, אָן אַ סיבה, אָן אַ כיוון; אָנהייבן זיו
קײַקלען ווײַטער און ווײַטער (פֿון אַ באַשטימטן
אָרט). „דער פֿאַרכישופֿטער קניש האָט זיך
אַוועקגעקויקלט ביז ווײַט אין פֿעלד אַרײַן“.
אַוועקקויקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקקויקלען (זיך).
אַוועקקוליען — קוליע אַוועק ~געקוליעט.
אוטוו אַוועקגיין הינקענדיק אויף אַ קוליע

(קוליעס). טרוו — אַוועקקויקלען,
אַוועקקאָלערן, אַוועקקאַטשען. אויך מיט ז י ך — דאָס
פֿעסל האָט זיך אַוועקגעקוליעט.
אַוועקקומען — אוטוו. קום אַוועק, בין ~
געקומען. 1. אַוועקגיין, אַוועקדרייען זיך,

אָפּקערן זיך. ,,וועסט פֿון אונדז ניט אַ', מיר וועלן
דיר נאָכגיין‘‘. ,,דער וואָס וואוינט איבער אַלע
הימלען קומט קיין רגע נישט אַוועק פֿון
אונדזער וועלט‘‘, פּרץ, 'דאָס אָרעמע ייִנגל'.
2 פֿאַרלירן דעם ווערט, אָנזען. ,,אַז מיר

.

האָבן זיך דערוואוסט זײַן גאַנצע געשיכטע,
איז ער אונדז (אין אונדזערע אויגן)
אַוועקגעקומען‘‘. ,,די גאַנצע דראַמע איז בײַ אים
אַוועקגעקומען צוליב די צויטן אירע,,, בימקאָ.
3. פֿאַרפֿאַלן ווערן, פֿאַרשווינדן, ניט ווערן.
,,דער שׂר האָט לאזין מוציא קול זיין עש
ווערין אים מרגליות אַוועק קומין,,, גה, 350.
,,די לייט פֿרעגן ווי אַזוי דער בוים איז

אַוועקאַוועקקורירן

גערקומען,,, פֿאַוויר, ספּורי הפּלאות, וואַרשע
1844. ,,איז ער פּלוצלינג אַוועקגעקומען פֿון
דאָרף און אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן,,, אַש.
4. אומקומען; שטאַרבן (אָבער איידעלער,
אָפּגעהיטענער ווי דאָס וואָרט שטאַרבן און ניט
אַזוי פֿײַערלעך ווי נפֿטר ווערן). ,,די מרגלים...
האָבין...גורם גיוועזין דז עש זײַנען אַוועק

גיקומן כּמה אַלפֿים ורבֿבֿות פֿון ישׂראל“,
נצ1, בּמדבּר, ט/ד. „גרויסע גאוני עולם האָבּן
טויזנט מאָל אַזוי פֿיל גוטס געטאָן, און זענען
אַוועקגעקומען פֿון דער וועלט“, ספֿר היראה,
1877. „רבּ שׂמחה דעם גבֿירס טאָכטער איז
אַוועקגעקומען (נפֿטר האָט זיך מיר אויף
דער צונג נישט געלייגט)“, פּרץ, חסידיש. „דאָס
קינד האָט אָבּער נישט מער געמוטשעט זיך
ווי אַ יאָר און איז, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט,
אַוועקגעקומען“, שע, קליינע מענטשעלעך.
5. דריטפּערזאָניק. אָפּגיין, אויספֿעלן,
אַנטרינען, אַנטפֿאַלן. „נישקשה, עס וועט אים אַ,
פֿאַר אַזעלכע מעשׂים!“. *דער מאַמעס
מילך איז אים אַוועקגעקומען = ער
האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. [מיט די בּבּ 2—5
ניט פֿאַראַן אין לד]. 6. שטאַרק לײַדן אַ
לענגערע צײַט. אַ, פֿאַר (צוליבּ) עמעצן פֿון אַלע
„ .
האַנטווערקער, וואָס וואַרן בּאַשעפֿטיקט מיט
דער אַלטער ייִדישער קליידונג, זײַנען
אַמשלימסטן אַוועקגעקומען (דאָס הייסט געליטן)
די קירזנער“, אמד, אידישע קליידער
אומוועקטלונג.
אַוועקקומעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אַוועקקומען. "וואָס איז עס פֿאַר אַן אַ'? וואָס האָסטו זיך ניט געוויזן פֿאַר די אויגן?", רייד.
אַוועקקוקן — אוטוו. קוק אַוועק, ~געקוקט.
1. קוקן אַ לענגערע צײַט. אַ, אויף איר דעם גאַנצן אָוונט. 2. קוקן אין אַ זײַט, אַוועקדרייען דעם קאָפּ. ,,קוק ניט אַוועק פֿון אַ מענטשן וואָס האָט ניט אַזאַ שיין פּ .ם און איז ניט שיין אָנגעטאָן", מ. י. בערדיטשעווסקי, גדי'.. ,,און דורכן טאָג אין חדר זיץ איך אַ, דערהייכטער...און קוק אַוועק פֿון גמרא־בלאַט צו די געשפּענסטער", אַל I, 'מיט אַ מעשׂה פֿון דער אינקוויזיציע'. ,,דער פּחד האָט געהייסן אַוועקקוקן, דער נײַגער האָט פֿאַרלאַנגט נאָך אַ קוק", באַש, טאַטנס בית־דין־שטוב.
3. פֿאַרקוקן; זיך מאַכן ניט זעענדיק, ניט וויסנדיק; ניט וועלן זען. ,,אין אַ שעת הכּושר קוקט מען אַוועק פֿון יושר,,, שוו. ,,ער זאָל כאַטש בגניבֿה לאָזן ייִדישע בהמות זיך פֿיטערן ערגעצוואו און אַ', צומאַכן די אויגן", ממוס, אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט'. ,,זעסטו נאַשן — , קוק אַוועק! בעסער מאַך מיך בלינד!,,, פּרץ, לידער און פּאָעמען.

אַוועקקוקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אַקט, פּראָצעס פֿון אַוועקקוקן (אויך מיט ביטול).
אַוועקקוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקקוקן. אַ שוויַיגעניש, נאָר אַן אַ, מיט די אויגן.
אַוועקקורירן — טרוו. ־ריר אַוועק, ~ געקורירט. אָפּט מיט ז י ד. 1. היילן אַ לענגערע צײַט. אַ, עמעצן עטלעכע יאָר. 2. דזוו אויסקורירן ←. אַ, אַ כראָנישע קראַנקייט.

אַוועקקושן

אַוועקקושן — טרוו. קוש אַוועק, ~געקושט. 1. קושן אַ לענגערע צײַט. אַ, דעם קינדס בעקעלעך. 2. אַוועקנעמען מיט אַ קוש (קושן). אַוועקקושן די טרערן, דעם ווייטיק.
אַוועקקושן זיך — קזוו. ← דפֿוו. האַלטן אין איין קושן זיך אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך אויף די טרעפּ אפֿשר אַ שעה צײַט.
אַוועקקיבעצן — טרוו. ־עץ אַוועק, ~ געקיבעצט. 1. דערוויַיטערן דורך קיבעצן. אַ, עמעצן מיט שטעכווערטלעך. 2. קיבעצן אַ לענגערע צײַט. מיט ז י ך — קזוו.
אַוועקקידנעפּן — טרוו. ־נעפּ אַוועק, ~

געקידנעפּט. אַוועקכאַפּן, אַוועקרויבן אַ מענטשן (צו קריגן אויסקויפֿגעלט אָדער איבער אַן אַנדער פֿאַרברעכערישן צוועק). „שטילערהייט, ווי אַ נאַכט־גנבֿ, קידנעפּט אַוועק די אַרומיקע סבֿיבֿה די נשמות פֿון די אייגענע קינדער„„ ימ, קולטור און דערציאונג, 1942.

אַוועקקייטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך אַוועק, זיך ~געקייטלט. אַוועקציִען זיך אין אַ שורה, ווי אַ קייט(ל). „די בערג קייטלען זיך אַוועק צום האָריזאָנט“.

אַוועקקייכן — אוטוו. קײַך אַוועק, ~

געקײַכט. קײַכן (לאַכן, וויינען, הוסטן ביז עס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם) אַ לענגערע צײַט. אַ, פֿון געלעכטער; אַ, לאַכנדיק.

אַוועקקייכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

.

פֿון אַוועקקײַכן.

אַוועקקיילן — טרוו. קײַל אַוועק, ~געקײַלט.

־

דזוו אויסקײַלן ←.

אַוועקקיילעכן — טרוו. ־לעך אַוועק, ~

גע־־

קײַלעכט. אַוועקהאַקן, אַרומהאַקן, עס זאָל

ווערן קײַלעכדיק. אַ, שטיקלעך האָלץ.
אַוועקקײַלעכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַוועק־־
קײַקלען זיך, אַוועקקאָלערן זיך. „געלט איז קײַלעכיק, סע קײַלעכט זיך אַוועק“, שוו.
אַוועקקײַלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקקײַלן.
אַוועקקייען — טרוו. קײַ אַוועק, ~געקײַט.
־ ▯
1. קײַען, עסן אַ לענגערע צײַט. אַ ייִד וואָס קײַט אַוועק די באָרד. אַ, פֿון פֿרימאָרגן ביזן לייגן זיך שלאָפֿן. 2. באַזײַטיקן דורך קײַען, אָפּבײַסן. אַ, דאָס (די) האַרטע.
אַוועקקײַקלען — טרוו. ־קל אַוועק, ~
גע־־
קײַקלט. אַוועקקויקלען ←, אַוועקקאַטשען ←, אַוועקקאָלערן ←. אַ, שטיינער, קלעצער אע.
אַוועקקײַקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
פֿאַר־־
שפּרייטערע פֿאָרעם, אָבער דזוו אַוועקקויקלען זיך ←. „דער דאָזיקער שמועס מכּוח דעם ענין האָט זיך אַוועקגעקײַקלט אַהין, אונטערן אויוון“, ממוס, מסעות.
אַוועקקימערן זיך — אוטוו. ־מער זיך אָוועק,

זיך ~געקימערט. זיך שטאַרק זאָרגן וועגן עפּעס, האָבּן עגמת־נפֿש אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך וועגן די קלענערע קינדער.

אַוועקקינדלען — אוטוו. ־דל אַוועק, ~ געקינדלט. קינדלען לענגער (אָדער האָבּן מער קינדער) ווי געוויינטלעך. אַ, בּיז אין די הויכע פֿערציקער. „אינגיכן אָבּער האָט זיך געעפֿנט איר מוטערטראַכט, זי האָט בּרייט אַוועקגעקינדלט, פֿאַרנומען זיך אויף גרויס“, קולבּאַק, זעלמעניאַנער.

113

אַוועקקיניגן — אוטוו. ־ניג אַוועק, ~ געקיניגט. אָנהייבּן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט קיניגן. אַ, פֿערציק יאָר.

אַוועקקיצלען — טרוו. ־צל אַוועק, ~ געקיצלט. 1. קיצלען אַ לענגערע צײַט. מיט ז י ך — קזוו. 2. אַוועקנעמען, אָפּשאַפֿן עפּעס דורך קיצלען. אַ, דעם בּרוגז.

אַוועקקירעווען — טרוו. ־רעווע אַוועק, ~ געקירעוועט. אַוועקדרייען אין אַ זײַט. אַ, דעם וואָגן, דאָס פּנים.

אַוועקקירצן — טרוו. קירץ אַוועק, ~געקירצט.

מאַכן קירצער ווי מע דאַרף. אַ, אַ קליידל, מע
או□ ע□אָגן □ז □)
ק י — אוטוו. קלאָג (זיך)
ז ל ניט ענע אָנטאָן.
— ק
אַוועק, (זיך) ~געקלאָגט. 1. אָנהייבן (זיך)
קלאָגן, טענהן, וויינען. 2. קלאָגן (זיך) אַ
לענגערע צײַט.
אַוועקקלאַפּן — טרוו. קלאַפּ אַוועק, ~
געקלאַפּט. 1. קלאַפּן אַ לענגערע צײַט.
2. מיטאַמאָל אָנהייבן קלאַפּן. 3. טאָן עפּעס
מיט אַ קלאַפּערײַ, געטומל. אַ אַ רעדע.
,
4. אַוועקשיקן אַ טעלעגראַם. „קלאַפּ איך
אַוועק אַ דעפּעש...צו מײַן שותּף וועגן דעם
דאָזיקן שידוך“, שע, 'אַ דאָקטער'.
אַוועקקלאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
(טואוגג) פֿון אַוועק□ □
י□ — טרוו. קלויבּ,
לאַפּ.
אַוועקקלויבן, ~ק —
קלײַב אַוועק; ~געקליבן. 1. קלויבן, קלײַבן אָ
לענגערע צײַט. אַ, שמאַטעס אַ לעבן־לאַנג.

2. אָפּטיילן, באַזײַטיקן (דאָס שלעכטע) בײַם קלײַבן. אַ, די ווערעמדיקע אַרבעס. 3. סאָרטירן, אײַנטיילן לויט מדרגות פֿון גוטסקייט, לויטן ווערט אע.

אַוועקקלייבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אַרויס־

ציִען זיך פֿון ערגעץ, איבערקלײַבן זיך. (ספּעצ: וועגן אַן אָרט וואָס איז ווײַט פֿון פֿריִערדיקן). אַ, זיך אין האָצעפּלאָץ.

אַוועקקלייבעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדוי־

ערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקקלײַבן.

אַוועקקלייבער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

־־

ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אַוועקקלײַבן, אָפּקלײַבן, אויססאָרטירן, אײַנטיילן סחורה אין פֿאַרשיידענע סאָרטן. אַ, פֿון אייער פֿון פּירות.

—

,

אַוועקקלייבעריי — די, ־ען. לר. אָרט

־ ־

וואו מע קלײַבט אַוועק; בײַדל פֿון די סעדערס וואו מע נעמט צונויף די פּירות און מע סאָרטירט זיי אויס. נעכטיקן אין אַ'.

אַוועקקלינגען — קלינג אַוועק, ~
געקלונגען. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבן קלינגען.
די גוואַלד־גלעקער האָבן אַוועקגעקלונגען: עס
איז אַ שׂריפֿה. 2. קלינגען אַ לענגערע צײַט.
די קלויסטער־גלעקער קלינגען אַוועק דעם
גאַנצן זונטיק. טרוו — צעקלינגען,
פֿונאַנדערקלינגען אין דער ווײַט. אַ, די נײַס (די
ידיעה) בּרייט און ווײַט.
אַוועקקלינגעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקקלינגען.
אַוועקקלעזמערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~
געקלעזמערט. זײַן אַ קלעזמער, לעבּן פֿון זײַן
אַ קלעזמער אַ לענגערע צײַט. אַ, בּיז די פֿינגער
ווערן שטײַף.
אַוועקקלעטערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~
געקלעטערט. 1. קלעטערן אַ לענגערע צײַט.

אַוועקקנייטשן

אויף פֿיג. אַ, בּיזן הימל, אַ, אין דער פֿאַנטאַזיע.
אַ, אין די הויכע קרײַזן = זיך דערשלאָגן
.
אַהין. 2. אַוועקרוקן זיך, אַוועקקריכן אויף
די הענט און פֿיס (אויף אַרויפֿצו). אַ, בּיזן

שפּיץ פֿון בוים. 3. אַוועקגיין, אָפּנייגן זיך פֿון ריכטיקן אָרט. „...באַשאַפֿן דעם יצר־הרע, ער זאָל די מענטשן אָנרעדן, זיי זאָלן אַ, פֿון דעם ערלעכן וועג“, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

אַוועקקלעפּן — טרוו. קלעפּ אַוועק, ~ געקלעפּט. 1. אויפֿקלעפּן; קלעפּן אין אַ זײַט. 2. קלעפּן אַ לענגערע צײַט. אַ, מאַרקעס דעם גאַנצן אָוונט.

אַוועקקלעקן — אוטוו, דריטפּערזאַניק. קלעקט אַוועק, ~געקלעקט. זײַן גענוג אַ געוויסע (לענגערע) צײַט. אַוועקסטײַען. דאָס ברויט וועט אַ, נאָר אויף דרײַ טעג.

אַוועקקלעקן — טרוו. קלעק אַוועק, ~ געקלעקט. דורך קלעקן, אײַנזאַפּן מיט קלעקפּאַפּיר, באַזײַטיקן, מאַכן ניט קאָנטיק. אַ, די טינטפֿלעקן.

אַוועקקלערן — קלער אַוועק, ~געקלערט. אוטוו — קלערן אַ לענגערע צײַט. טרוו — 1. אַוועקטראַכטן, אַבסטראַהירן. אַ, דאָס אומוויכטיקע און זיך קאָנצענטרירן אויפֿן עיקרדיקן. 2. מאַכן קלאָר, קלערער; באַזײַטיקן די אומנייטיקע טיילכעלעך. אַ, דעם מעד.

אַוועקקנאַלן — אוטוו. קנאַל אַוועק, ~

געקנאַלט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן קנאַלן.
2. קנאַלן אַ לענגערע צײַט. אַ, מיט דער
בײַטש איבער די רוקנס פֿון די פֿערד.
אַוועקקנאַקן — קנאַק אַוועק, ~געקנאַקט.
אוטוו — 1. קנאַקן, קנאַלן, קלאַפּן מיט עפּעס
אַ לענגערע צײַט. 2. גיך אַוועקפֿאָרן (
קנא
קנדיק מיט דער בײַטש). „אַנדערע פּויערים
האָבן אײַנגעשפּאַנט פֿערד־און־וואָגן
שטילערהייט, ניט באַמערקט אַוועקגעקנאַקט צו זיך
אין דאָרף“, קאַהאַן, אַהרן ליבערמאַן. טרוו
—1. אָפּזאָגן עפּעס מיט אַ קנאַק (גיך, זייער
געראָטן). אַ, אַ דרשה; אַ, דאָס דאַוונען, ווי
געפֿאָרן מיט פּאָטשטאָווע פֿערד אַ אַ מפֿטיר,
אַ קאַפּיטל תּהילים. 2. בכלל אָפּטאָן אַן
אַרבעט מיט אַ קנאַק. אַ, דאָס הובלען.
3. אַוועקוואַרפֿן פֿאַרוואַרפֿן מיט אַ קנאַק. אַ,
דעם שטעקן, די פּילקע אע. 4. צעדריקן מיט
אַ קנאַק. אַ, אַ לויז. 5. אַנידערוואַרפֿן, געבן
אַ זעץ. אַ, עמעצן אויף דער ערד. אַ, עמעצן
אין די ציין אַרײַן.
אַוועקקנאַקעכץ — דאָס (די), ־ן. טואונג,

רעזולטאַט פֿון אַוועקקנאַקן (מיט התפּעלות אָדער בּיטול). „איז דאָס געווען אַ געשלעגערײַ, אַן אַ', די ערד האָט אַזש געציטערט".
אַוועקקנאַקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקקנאַקן.
אַוועקקניהן — [...קאַניען, קיניען] קניה אַוועק, ~געקניהט. אָפּקויפֿן, אײַנהאַנדלען (ווי אַ מציאה). אַ, די גאַנצע סחורה. „אַצינד האָסטו אַ טשענס אַוועקצוקניהן די לאָנדרי פֿאַר האַלבּ געלט", שע, „גרינהאָרן'.
אָוועקקנייטשן — טרוו. קנייטש אַוועק, ~ געקנייסשט. דורך מאַכן אַ קנייטש (קנייטשן),

אַוועקקנײַפּן

אַ פֿאַלד, פֿאַלבּ, עפּעס בּאַזײַטיקן. אַ, די צויטן, דעם ראַנד.
אַוועקקנייפּן — טרוו. קנײַפּ אַוועק, ~

געקניפּן, ~געקנײַפּט. אַוועקרײַסן, אַוועקצופּן מיט פֿינגער. אַ אַ שטיק טייג צו נעמען חלה.

,

אַ אַ האַלבּע בּאַק.

,

אַוועקקנײַפּן זיך — קזוו. ← דפֿוו. קנײַפּן
י
איינס דאָס אַנדערע אַ לענגערע צײַט (שפּילעור
דיק).
אַדועקקנ עְן — אוטוו. קני אַוועק, ~געקניט.
1 פֿאַלן אויף די קני. אַ, פֿאַר עמעצן.
.
2. שטיין אויף די קני אַ לענגערע צײַט. אַ,
פֿאַרן צלם שעהן לאַנג.
-

-
אַוועקקנסענען — [...קאַנסענען] טרוו. קנסע
(קנסן) אַוועק, ~געקנסעט, ~געקנסנט.
אַוועקנעמען עפּעס ווי אַ געלטשטראָף, ווי קנס. אַ,
דאָס גאַנצע לייזעכץ.
אַוועקקנעטן — טרוו. קנעט אַוועק; ~
געקנאָטן, ~געקנעטן, ~געקנעט. 1. קנעטן אַ
לענגערע צײַט. אַ, אַ גאַנצע נאַכט די דייזשעס
ברויט. 2. באַזײַטיקן עפּעס דורך קנעטן.
אַ, די האַרטע שטיקלעך ליים.
אַוועקקנעלן — אוטוו. קנעל אַוועק, ~

געקנעלט. 1. לערנען אַ לענגערע צײַט מיט
עמעצן (און דערבײַ זיך אָנשטרענגען אָדער
אײַנלערנען מיט אַ סך איבערחזרונגען). „אַזוי
האָב איך אַוועקגעקנעלט עטלעכע יאָר און האָב
מיר געהאַט מײַן שטיקל פּרנסה בדוחק„, קמ,
2 .40 1868, No. אײַנריידן עמעצן,
אײַנטענהן מיט עמעצן. אַ, מיטן עקשן און דאָך
ניט פּועלן.
אַוועקקנעלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿ□ □ווע□ען
— טרוו. ־כל אַוועק, ~
גענעלן. אַן אײַנטענהניש, אַן אַ□.
אַוו קע
קעכלט. 1. אַ לענגערע צײַט האָדעווען,
אָפּהיטן, געבן גוט צו עסן. אַ, ווי אַ בן־יחיד.
2. צעפּיעשטשען, פֿאַרציִען עמעצן דורך צו
פֿיל קעכלען אָדער פֿאַרערן.
אַוועקקעמען — טרוו. קעם אַוועק, ~געקעמט.
אָפּֿט מיט ז י ך. 1. באַזײַטיקן,
אויסריייניקן עפּעס (פֿון האָר) מיט אַ קעמל, קאַם.
אַ, די פֿעדערלעך פֿון דער טשופּרינע. 2
פֿאַר.
קעמען אין אַ זײַט. אַ, אַ לאָק, אַ, די טשופּרינע.
3. קעמען אַ לענגערע צײַט.

אַוועקקעמפֿן — קעמף אַוועק, ~געקעמפֿט.
אוטוו — קעמפֿן אַ לענגערע צײַט. אַ, יאָרן און יאָרן. טרוו — צונעמען עפּעס אָדער קריגן עפּעס מיט קאַמף. „מיר וועלן ניט דערלאָזן אַ, פֿון אונדז אונדזער פֿרײַהייט„.
אַוועקקערן — טרוו. קער אַוועק, ~געקערט.
1. צונויפֿנעמען מיט אַ בעזעם אָדער באַרשט (ברעקלעך, אָפּפֿאַל, מיסט, שטויב) און עס אַוועקרוקן אין א זײַט. אַ, אין ווינקל דאָס מיסט (נאָכן פֿאַרקערן די שטוב).
2. אַוועקדרייען אין אַ זײַט, אַפּקערן. אַ, דאָס פּנים, די אויגן, דעם קאָפּ. „...דענאך טוט מענכה שלאַנג איר פּנים אַוועק קערן“, עיון, 2/37. „ווען דער חזן לייענט אויס דער ספֿר־תּורה, דאַרף מען אויך צו שטיין, און ער טאָר זײַן פּנים ניט אַ, פֿון דער ספֿרתּורה„, לט2, 1/12. „...אַוועקקערנדיק אַנגעברוגזט דעם קאָפּ אין דער זײַט“, ממום, קליאַטשע.

114

אַוועקקערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אַוועקגיין ערגעץ אין אַ זײַט; אומדרייען זיך

מיטן רוקן. אַ, זיך פֿון ריכטיקן וועג. „דהײַנו: ער האָט פֿאַרגעסן אַ בינטל תּבֿואה און האָט זיך שוין דערפֿון אַוועקגעקערט...מוז ער זיך אומקערן מיט זײַן פּנים צו דעם בינטל תּבֿואה‟, שהמ, ט/א. „זי האָט זיך אַוועקגעקערט גאָר אין אַ זײַט און געגעסן גראָז‟, ממוס קליאַטשע.

2. אַוועקגיין סתּם, דערווײַטערן זיך. „און איך האָב מיר פֿון איר אַוועקגעקערט; אָט, ווי, ווען — זי האָט גאָרניט געהערט“, טעיאַטאָר. „אָט שטייען אַלע אינאיינעם. האָסט זיך אַוועקגעקערט פֿון דאַנען — זעט מען שוין נישט קיינעם...‟, אבג, ,דער יוד אין קיִעבֿ', הש I.

3. פֿאַרלאָזן, פֿאַרגעסן; אָפּקערן זיך (פֿון אַ שיטה, אידעאָלאָגיע). אַ, זיך פֿון פֿרומקייט. „יעדערער וועט זיך פֿון מיר אַ'“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. 4. פֿאַרגיין, פֿאַרבײַגיין. „דער טאָג פֿון פֿאַרגעבֿונג האָט זיך שוין אַוועקגעקערט. בעטן מיר דיך, גאָט, באַשיץ אונדז!“, פּיעטריקאָווער מחזור, 1885, ח, ב', נעילה.

אַוועקקערעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס (טואונג) פֿון אַוועקקערן (זיך). אַן אַ, פֿון וועג, פֿון בייז.

אַוועקקראַכן — אוטוו. קראַך אַוועק, ~

געקראַכט. 1. מיטאַמאָל פּלאַצן, אַרויסגעבן הילכיקן קנאַל. 2. שטאַרק קלאַפּן, קנאַקן, קנאַלן אַ לענגערע צײַט. „די קאַנאָנאַדע האָט אַװעקגעקראַכט ביז עס איז פֿינצטער געװאָרן“.

אַװעקקראַצן — טרוו. קראַץ אַװעק, ~ געקראַצט. אַװעקרײַבן מיט נעגל (אָדער אַ שאַרפֿן מכשיר). אַ, פֿאַרטריקנטע הויט.

אַװעקקראַקען — ־קע אַװעק, ~געקראַקעט. אוטוו — קראַקען (ווי אַ קראָ) אַ לענגערע צײַט. טרוו — דזוו אויסקראַקען ←.

אַװעקקריגן — טרוו. קריג אַװעק, ~געקראָגן, ~געקריגן. 1. דערװײַטערן, אָפּפֿרעמדן עמעצן פֿון עפּעס (אַ גרופּע) און געווינען, דערנענטערן אים צו עפּעס װאָס מע וויל. אַ, דעם ברודער פֿון דער שלעכטער חבֿריא. 2. צוריקקריגן, אַרויסקריגן. אַ, די ביכער וואַס מע האָט געליִען מיט אַ יאָר צוריק.

אַװעקקריגן זיך 1 — אוטוו. קריג זיך אַװע . זיך ~געקראָגן, ~געקריגן. זיך אַרויסמאַבן, זיך אַרויסדרייען (פֿון אַן אָרט, סיטואַציע, פֿון אַ גרופּע); אויף אַ געוויסער צײַט אַװעקגיין, אַװעקפֿאָרן. אַ, זיך פֿון דער היים אויף אַ וואָך צײַט. אַ, זיך פֿון דער אומבאַקוועמער לאַגע.

.

אַוועקקריגן זיך 11 — אוטוו, קזוו. קריג זיך
אַוועק, זיך ~געקריגט. זיך קריגן אַ
לענגערע צײַט (אָן אויפֿהע). ,,רײַסן זיך שׂיִער ניט
בײַ די האָר און קריגן זיך אַוועק לאַנגע
יאָר, און זידלען זיך אַוועק גאַנצע צײַטן“,
עט, משלים.
אַוועקקריטשען — אוטוו. ־טשע אַוועק, ~
געקריטשעט. סל. דזוו אַוועקסקריטשען. ←
אַוועקקריצן, בּ 2.
אַוועקקרייען — אוטוו. קר אַוועק, ~
געיִ
א עקקר ד
— אוטוו. קריך אַוועק, ~
גערייט. רייען (ווי אַ האָן) אַ לענגערע צײַט.

קראָכן. דערווײַטערן זיך קריכנדיק (אויף די
פֿיס און הענט, אויפֿן בויך). אַ, פֿון אַן אָרט

אַוועקראַמען

צו אַן אַנדער אָרט. „צעשנײַדסט אַ וואָרעם — און עס קריכן אַוועק צוויי ווערעם“, שוו.
2. אַרויסשאַרן זיך, אַרויסשלײַכן (אומבאַמערקט), ניט ווערן.
אַוועקקרימען — טרוו. קרים אַוועק, ~ געקרימט. קאַליע מאַכן דורך מאַכן קרום, אויסקרימען. אַ, די קנאַפּל. אַ, אייו זײַט פֿון אַ קלייד בײַם צונויפֿנייען.
אַוועקקרימען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קרימען זיך, מאַכן זויערע מינעס אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך ווי אַ ברוגזע בת־יחידה.
אַוועקקריצן — טרוו. קריץ אַוועק, ~ געקריצט. 1. דורך קריצן עפּעס אויסמעקן, אויסרײַבן. אַ, דעם נאָמען. 2. קריצן אַ לענגערע צײַט. אַ, מיט די ציין פֿון כּעס. אַ, די אויפֿשריפֿט עטלעכע שעה.
אַוועקקרישלען — טרוו. ־של אַוועק, ~ געקרישלט. אַוועקברעקלען. אַ, אַ גאַנצן לאַבן ברויט, אַ, עטלעכע ברעקלעך.
אַוועקקרעכצ(ע)ן — קרעכץ(־צע) אַוועק, ~געקרעכצ(ע)ט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבן קרעכצן. 2. קרעכצן אַ לענגע␣ע

צײַט. טרוו — דורך קרעכצן אַוועקשטופּן, אַוועקפּטרן. אַ, די צרות.

אַוועקקרעמערן — ־ער אַוועק, ~ געקרעמערט. אוטוו — זײַן אַ קרעמער, זיך פֿאַרנעמען מיט קרעמערײַ אַ לענגערע צײַט. אַ אַ גאַנץ לעבן. טרוו — אויספֿאַרקויפֿן, גיך פּטור ווערן פֿון סחורה. אַ, דעם גאַנצן ראַמש.

אַוועקקרענקען — אוטוו. קרענק אַוועק, ~געקרענקט. קראַנק זײַן אַ לענגערע צײַט; קרענקען אָן אויפֿהער. „האָט זי געקרענקט און געקרענקט, אַוועקגעקרענקט אַ צײַט“, שע, 'מילכיקס'.

אַוועקקרענקעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקקרענקען. אַן אַ, אויף סוכאָטע.

אַוועקראַבירן, ~ראַבעווען — טרוו. ראַביר, ־בעווע אַוועק, ~(גע)ראַבירט, ~ געראַבעוועט. אַוועקנעמען מיט גוואַלד, אויף (מיט) כּוח; אַוועקגזלען. אַ, דאָס ייִדישע האָב־ אונגוטס. „יעדער[ער] מיינט בײַ אים אויסנאַרן, צונעמען, אַוועקראַבעווען„, שע, יאָסעלע סאָלאָווײ.

אַוועקראַטעווען — טרוו. ־טעווע אַוועק, ~געראַטעוועט. אָפּט מיט ז י ך.

אַוועקנעמען פֿון עפּעס און דורך דעם ראַטעווען.
אַ, דאָס קינד פֿון פֿײַער; אַ, פֿון שלעכטע
חבֿרים.
אַוועקראַטשקע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־
קע(ווע) זיך אַוועק, זיך ~געראַטשקע(ווע)ט. אוקר.
אַוועקקריכן ▯ אַוועקגיין אומבאַמערקט
פֿאַר. ,
שעמט. דאָס קינד ראַטשקעט זיך אַוועק. זיך אַ,
אַזוי ווי אויף אַלע פֿיר.
אַוועקראַמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקראַמען. ד אַ, פֿון אַזוי פֿיל
׳
שטיינער קאַסט גענוג מי.
אַוועקראַמען — טרוו. ראַם אַוועק, ~
געראַמט אויך: ~ראָמען. ← אַוועקרוימען.
1. אַוועקנעמען, אַוועקרוקן, אַוועקשאַרן בײַם
רייניקן. אַ, דאָס מיסט פֿון פֿאַר דער שטובֿ.
2 פֿאַרבאַהאַלטן, אַוועקנעמען עפּעס וואָס איז
.
אומלעגאַל, טריף. אַ, דעם חמץ, די

פּראָקלאַאַוועקראַמעניש

מאַציעס. 3. אַוועקנעמען כּדי צו האָבן אָרט

פֿאַר אַן אַנדער זאַך. אַ, היי און אַוועקלייגן ברעטער. 4. רייניקן, ברענגען אין אָרדענונג אַ לענגערע צײַט. אַ, די שטוב ביז די געסט זײַנען שוין אויפֿן שוועל.

אַוועקראַמעניש — דאָס (די), ־ן. אויך: ~ראָמעניש. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקראַמען.

אַוועקראַנגלען זיך — אוטוו, קזוו. ־גל זיך אַוועק, זיך ~געראַנגלט. ראַנגלען זיך אַ לענגערע צײַט. „יעקבֿ אָבֿינו האָט זיך אַוועקגעראַנגלט מיטן מלאך אַ גאַנצע נאַכט„.

-

אַוועקראַסן — טרוו. ראַף אַוועק, ~געראַפּט. מיי. אַרכ. אַוועקרויבן, אַוועקנעמען מיט כּוח. „האָב מיט קיין גזלן קיין גיזעלשאפּט, דז ער דיר ניט דאש דיינה אַוועק ראַפּט“, עיון, 2/50.

אַוועקראַשן — אוטוו. ראַש אַוועק, ~ געראַשט. גיך אַוועקלויפֿן, אַוועקגיין. אַ, ווי פֿון א סכּנה, אַ פֿײַער.

אַוועקרודלען (זיך) — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־לט (זיך) אַוועק, (זיך) ~גערודלט. טומלען זיך, זײַן אין אַ גערודער, אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך ווי אויף אַ יריד.

אַוועקרודערן — ־ער אַוועק, ~גערודערט.

אוטוו אַוועקפֿאָרן (אויף אַ שיפֿל),

אַרבעטנ

דיק מיט רודערס. „פֿון איין ברעג —
אַוועקגערודערט, צו אַ צווייטן — ניט דערשוואומען„,
י. מאַניק. טרוו — אַוועקפֿירן עפּעס מיט דער
הילף פֿון רודערס. אַ, דאָס שיפֿל. אַ, דאָס
פּאָרל איבער די קאַנאַלן.
אַוועקרויבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקרויבן. אַן אַ, אין מיטן
העלן טאָג.
אַוועקרויבן — טרוו. רויב אַוועק, ~גערויבט.
1. אַוועקנעמען מיט גוואַלד, אַוועקגזלען;
אַוועקראַבעווען. 2. צוכאַפּן, אַוועקנעמען
בכלל; פֿאַרשטויסן. אַ, די לעצטע (איינציקע)
האָפֿענונג; אַ, די רו, דעם שלאָף. „דאָס גוטס
פֿון דער וועלט רויבט ביי זיי אַוועק דעם שׂכר
פֿאַר די מצוות“, חה, ב, 314 פֿון אַ
בעל. „
מלאָכה...האָט מען אַוועקגערויבט אַלע
כּיבודים“, ייִפּאָל, No. ,1885 40. „וואָס זאָל
עס באַטייטן דער נעבל וואָס הענגט דאָ

געדיכט אויף דער שטאָט? צי וויל שוין דאָס
שטיקעלע הימל אַ, אויך פֿון אונדז גאָט?,,, אר,
'דער נעבל,.
אַוועקרויטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך אַוועק,
זיך ~גערויטלט. 1. אָנהייבן (מיטאַמאָל)
רויט ווערן, רייטלען זיך. 2. רייטלען זיך אַ
לענגערע צײַט. אויך: ~רייטלען זיך.
אַוועקרויכערן — רויכער אַוועק, ~
גערויכערט. ← אַוועקרייכערן. אוטוו — רויכערן
זיך אַ לענגערע צײַט אָדער אָנהייבן זיך
רויכערן. ווי נאַר מע הייצט אײַן דעם אויוון,
רויכערט עס אַוועק. טרוו — אַוועקטרײַבן
מיט רויך. א, די איידעלע פֿריילינס מיט
אונדזער מאַכאָרקע.
אַוועקרוימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקרוימען.
אַוועקרוימען — טרוו. רוים אַוועק, ~
גערוימט. דזוו אַוועקראַמען ←. ,,ווען איין כּלי
ווערט צו בראָכן, ראַש צו ביזאָרגן ווער דז מן

11

קענט מזיק דראָן זיין — טאָר מן דאש
זעלביג וואול איין וועק רוימין“, לט1, 1/70.

אַוועקרוימעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקרוימען.
אַוועקרוישן — אוטוו. רויש אַוועק, ~
גערוישט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן רוישן. נאָכן
רעגן האָט דאָס טײַכל אַוועקגערוישט. 2.
רוישן אַ לענגערע צײַט. 3. אַוועקגיין, פֿאַרלאָזן
אַן אָרט מיט אַ גערויש. „דאָס זײַדענע קלייד
האָט אַ קגערוישט פֿון צימער“.
אַוועקרופֿן — טרוו. רוף אַוועק, ~גערופֿן.
רופֿן, זאָגן עמעצן, ער זאָל אַוועקגיין, גיין
אין אַ זײַט, אַרויסקומען צוליב עפּעס. אַ, אין
אַ זײַט און זאָגן אַ סוד. אַ, אין מיטן
וועטשערע. —
אַוועקרוסעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער פֿילמאָליקער אַקט פֿון
אַוועקרופֿן. „וואָס איז פֿאַר אַן אַ, אין מיטן
עסן?“.
אַוועקרוקן — טרוו. רוק אַוועק, ~גערוקט.
1. אָפּשטופּן, אַוועקציִען פֿון אַ פֿריִערדיקער
פּאָזיציע צו אַ נײַער (פֿאָרויס, אין אַ זײַט).
„דאָס בעטל — האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז מע
באַדאַרף עס אַ ביסל אַ, פֿון דעם אָרט וואו סע
שטייט“, נחב, 'מעשׂה מבן מלך ובן שפֿחה'.
“אָבער דאָס מוקצה טאָר ער אַפֿילו ניט אַ,

פֿון דעם אָרט", לט2, 1/63. אַ, דעם זייגער
.
= אויך: דרייען די ווײַזערס פֿאָרויס. 2. רוקן
אַ לענגערע צײַט אָן אויפֿהער. אַ, דאָס מעבל
אַהין און אַהער און טויזנט מאָל עס
איבערשטעלן.
אַוועקרוקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַליין
בײַטן די פּאָזיציע (אָן אָנווײַז אויף דער
סיבה אָדער דעם כּוח). "ווען די זון רוקט זיו
אַוועק אויף דער ערד איין אייל, ווערט זי
אויבן אין איר גלגל אַוועקגערוקט פֿיל מײַל",
חה, בּ, 259. 2. אַוועקגיין שטילערהייט,
אומבּאַמערקט. די יאָרן רוקן זיך אַזוי אַוועק.
„איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין אַלע
זײַטן און מיט אַ צעבּראָכן האַרץ זיך
אַוועקגערוקט אַ בּיסל ווײַטער", ממוס,
קליאַטשע. 3. שטאַרבּן. „וואָס זאָגסטו צו דעם?
דער אַלטער האָט זיך די נאַכט אַוועקגערוקט",
רייד. 4 פֿאַרבּײַגיין אָן ווירקונג, פּעולה.
.
„מײַן קינד, לאָז זייא [= מײַנע רייד] זיך נישט
אַוועק רוקן פֿון דײַנע אויגן", מס, משלי,
תקע"ד, ג, 21.
אַוועקרוקעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקרוקן (זיך).
אַוועקריטשן זיך — אומוו. ריטש זיך אַוועק,
זיך ~גערישטשט. פּד. אַוועקרוקן זיך,
אַוועקשארן זיך. אַ קריפּל וואָס ריטשט זיך אַוועק
אויף אַ ברעטל.
אַוועקריטשען — אומוו. ־טשע אַוועק, ~
געריטשעט. 1. ביַיז רעווען, ברומען אַ
לענגערע ציַיט. 2. מיטאַמאָל אָנהייבן צו
ריטשען.
אַוועקרייבן — טרוו. רייַב אַוועק, ~געריבן.
--
1. דורך רייַבן אָפּשאַפֿן, מאַכן עס זאָל ניט
זיַין מער. אַ, אַ פֿלעק. אַ, דעם ווייטיק אין
רוקן. 2. רייַבן אַ לענג□רע ציַיט. אַ, כריין
ביז טרערן באַוויַיזן זיך אין די אויגן.

אַוועקריַיסן זיך

3. אויפֿעסן, אַריַינעסו אַ סך. אַ, אַ לאַבן
ברויט. 4. גיך אָוועקפֿאָרן. אַ, אויפֿן פֿערד.
אַוועקרייַבן זיך — ← דפֿוו. אויד: זיך
פֿאַרנעמען מיט אָנאַניזם.
אַוועקרייבעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
--

1. פּראָצעס פֿון אַוועקרײַבן. 2. זאַלב, מיטל אויף צו רײַבן, אײַנרײַבן, אַוועקרײַבן. „,
געקויפֿט אין אַפּטייק עפּעס אַ קלעפּיק אַ, —
און סע העלפֿט ווי אַ טויטן באַנקעס“, רייד.
אַוועקרייבעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויער

-

דיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקרײַבן.
אַוועקריידן — רייד אַוועק, ~גערעדט. לד.
דזוו אַוועקרעדן ←.
אַוועקריידעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אַוועקריידן.
אַוועקרייזן — אוטוו. רײַז אַוועק, ~גערײַזט.
-
אַוועקפֿאָרן אויף אַ (ווײַטער) נסיעה.
אַרומפֿאָרן אַ לענגערע צײַט. אַ, קיין דרום־אַפֿריקע;
אַ, איבער דער וועלט.
אַוועקרײַטן — אוטוו. רײַט אַוועק, בין (האָב

-

-

~געריטן. אַוועקפֿאָרן אויפֿן רוקן פֿון אַ
פֿערד (אייזל, קעמל); זיך דערוויַיטערן
ריַיטנדיק. "...ר, רפֿאל הנ„ל □ך אַוועק גריטן אונ,
זיא אַן גיטראָפֿין אין איין וואָלט", כּי וועגן
מעצער עלילת־דם, 1669, [פֿש I□I]. „אַז דער
יהודי איז אַוועק גיריטין, דערנאָך איז איין
פֿדיץ שקץ קומין צו רייטין צו איר אין
דער הרבֿריק„, שו"ת פּני יהושע, אמשט, 1715.
אַוועקרייכערן — טרוו. רייכער אַוועק, ~
גערייכערט. ← אַוועקרויכערן. 1. רייכערן אַ
לענגערע ציַיט. אַ, די פּיפּקע. 2. דזוו
אַוועקרויכערן, טרוו.
אַוועקרייניקן — טרוו. ־ניק אַוועק, ~
גערייניקט. 1. רייניקן אַ לענגערע ציַיט. אַ, די
שטובֿ. 2. באַזיַיטיקן בּיַים (דורך) רייניקן. אַ,
דאָס מיסט.
אַוועקריַיסן — טרוו. ריַיס אַוועק, ~געריסן.
-
1. (מיט כּוח) אַוועקציִען, אַוועקשלעפּן. אַ,
צוויַיגן פֿון שטאַם. „...אַנדרש□ וואו מוז מען עש
מיט דעם מעשׂר [= מעסער] הין וועק ריַיסן",
מנהגים, הקדמה. „...אַזו ווערט דאש וואַשר
אי לענגר אי גרעשר אדן ריַיסט אַוועק בּרג

און הופֿן“, עיון, 2/29. 2. צונעמען,
אַוועקכאפּן. אַ, בײַ עמעצן דעם ביסן פֿון מויל =
.

-

אויסקאָנקורירן בייזוו ליק, צונעמען פּרנסה.
אַ, פֿון זיך דעם ביסן פֿון מויל = א) זײַן
.

זייער קאַרג. בּ) ניט דערעסן מחמת אָרעמקייט
אָדער כּדי צו האָבן פֿאַר אַנדערע. „מיט הונגער
דורכגעלעבט די וועלט, אַוועקגעריסן פֿון
מויל„, פּרץ, לידער און פּאָעמען. 3. אָפּרעדן,
אָפּווענדן עמעצן פֿון עפּעס פֿון אַ גרופּע. אַ,
,
אים פֿון זײַנע ביכער. ‟אײַנגעבן אים שׂכל...,
אַ גוט מיטל אַוועקצורײַסן פֿון יענעם עולם“,
ממוס, שלמה. *ניט קענען אַ, די אויגן =
ניט קענען אָפּווענדן דעם בליק. „זי איז אַזוי
שיין אַז מע קען ניט אַ, די אויגן פֿון איר
ליכטיק פּנים“, רייד. 4. זן. צערײַסן;
אײַנרײַסן. „ווי מע שטייט און ווי מע זיצט, רײַסט

מען זיך אַוועק די מכנסים“, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.
אַוועקרײַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
--
1. איבעררײַסן אַן אַרבעט (וואָס מע איז אין איר פֿאַראינטערעסיר). זיך אַ, פֿון

אַוועקרײַסעניש

לערנען, פֿון שפּילן קאָרטן. „דער וואַלדסוחר האָט זיך נישט געקאָנט אַ, און מיטקומען קיין וואַרשע“, דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. 2. אָפּטיילן זיך, אָפּוועגדן זיך פֿון עפּעס, עמעצן (אויף אַ געוויסער צײַט אָדער אויף שטענדיק). אַ, זיך פֿון דער משפּחה, פֿון דער חבֿרה אאַ.
אַוועקרייסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

-
(טואונג) פֿון אַוועקרײַסן (זיך). אַן אַ, איבערגוואַלד.
אַוועקרימען — טרוו. רים אַוועק, ~גערימט.

לויבן, רימען אַ לענגערע צײַט. אַ, בײַ אין הימל אַרײַן.
אַוועקרימפּלען — ־פּל אַוועק, ~גערימפּלט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן צו שפּילן שלעכט.
אַ, אין מיטן דערינען. טרוו — דזוו אויסרימפּלען, טרוו ←. *אַ, אַ חתונה = פֿאַרטאַטשיש אויסשפּילן אַלע חתונה־גיגונים.
אַוועקרינגלען — טרוו. ־גל אַוועק, ~ גערינגלט. אַוועקדרייען, אָפּווענדן. „און איך וועל אַ, און אומקערן מײַן פּנים פֿון די ישׂראל, ווײַל זיי האָבן פֿאַרשוועכט מײַן פֿאַרבאָרגן אָרט“, ספֿר יחזקאל, וואַרשע תּרל״ד.
אַוועקרינען — אוטוו. רין אַוועק, בײַן & האָב ~גערונען. 1. רינען אַ לענגערע צײַט, אָן אויפֿהער. אַ, בײַז מע פֿאַרריכט. 2. אַוועקפֿליסן, אָוועקפֿלייצן; ווײַט רינען. 3. אַוועקגיין. די יאָרן רינען אַוועק.
אַוועקריסעווען — טרוו. ־סעווע אַוועק, ~געריסעוועט. סל. 1. מאָלן, צייכענען אַ לענגערע צײַט, אָן אויפֿהער. 2. באַזײַטיקן עפּעס דורך צייכענען. אַ, די איבעריקע שטריכן און מאַכן פֿון דעם אַן אָרנאַמענט.
אַוועקריפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~ געריפּעט. 1. אָנהייבן סקריפּען מיט עפּעס אָדער

רימפּלען אויף עפּעס. אַ, אויף אַ פֿידל, אַ, מיט דער טיר. 2. סקריפּען אַ לענגערע צײַט.

אַוועקרירן — טרוו. ריר אַוועק, ~גערירט.

1. אַוועקנעמען אויף אַ קלײנעם שטח; אַוועקשטופּן, אַוועקשטויסן. אַ, די שווערע שאַפֿע. „ער איז געווען אַ גרויסער ייִד און אַ פֿעסטער ייִד, וואָס אַלע ווינטן פֿון דער וועלט וועלן אים נישט אַ, פֿון אָרט“, פּרץ, חסידיש.

2. צום טייל אָפּרעדן, אָפּווענדן פֿון עפּעס. אַ, עמעצן פֿון זײַן שטאַנדפּונקט פֿון אַ

,

מיינונג.

אַוועקרירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. ניט בלײַבן אויפֿן זעלביקן אָרט. „איטלעכע זאַך רירט זיך אַוועק פֿון... פֿריִערדיקן אָרט, גלײַך ווי דער גאַנג פֿון דער זון וואָס זי רוקט זיך אַלעמאָל ווײַטער“, חה, ב, 151. 2. דזוו אַוועקרוקן זיך ←. „ער האָט זיך געפֿילט שולדיק קעגן איר צעבראָכנקייט און נישט געוואַגט פֿון אָרט זיך אַוועקצורירן“, ווײַס, ,דער איבערגאַנג!.“ „אויב ער האָט עובֿר געווען אויף אַ מצוות־עשׂה און האָט תּשובֿה געטאָן, רירט ער זיך ניט אַוועק פֿון דאָרט, ביז וואַנען מען איז אים מוחל געווען“, תּניא,

126. 3. אָפּווענדן זיך, אָפּקערן זיך פֿון „.

[דער תּורה] זאָלסטו זיך ניט אַ', וואָרעם עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך פֿון איר“, פּיעט, אָבֿות, ה, כבֿ.

אַוועקרעגירן — אוטוו. ־יר אַוועק, ~(גע)־רעגירט. הערשן, רעגירן אַ לענגערע צײַט. „דער דיקטאַטאָר האָט אַוועקרעגירט איבערן לאַנד צוואַנציק יאָר„.

אַוועקרעגענען — דריטפּערזאָניק. רעגנט אַוועק, ~גערעגנט. אוטוו — רעגענען אַ לענגערע צײַט, אָן אויפֿהער. אַ, דעם גאַנצן האַרבסט. טרוו — אַוועקשווענקען, אָפּשווענקען, אַוועקרייניקן מיטן רעגן. עס רעגנט אַוועק דעם שטויבֿ פֿון די גאַסן.

אַוועקרעדלען — אוטוו. רעדל אַוועק, ~גערעדלט. אַוועקפֿאָרן אויף אַ רעדל, וועלאָסיפּעד; אַוועקגיין, אַוועקלויפֿן אויף רעדלעך. דער יונגאַטש רעדלט ווײַט אַוועק. דזוו אויסרעדלען ←.

אַוועקרעדן — אוטוו. רעד אַוועק, ~גערעדט.

פּפֿ: ~ריידן. 1. רעדן (וועגן עפּעס, וועגן
פֿאַרשיידנס) אַ לענגערע צײַט. „בּקיצור מיר
האָבּן אַזוי אַוועקגערעדט בּיזן ווײַסן טאָג
אַרײַן“, שע, טביה. 2. אויך אַקוזוו.
אַוועקרעדן אַן ענין בּרייט, טיף. „איינער גאָר אַ
גלוח, אַ שוואַרציאָר מיט אַ קורצן פֿראַק, קען...
זיך אַזוי פּאַמעלעך אַ, חסידערײַ צוויי שעה
דורכאַנאַנד“, קמ, 3 .52 1870, No. טרוו
— מיט אַ סך רייד פּרוּוון עפּעס אָפּשאַפֿן,
פֿאַררעדן. אַ, דעם ווייטיק אַ, די קינדערשע
.

טרערעלעך.
אַוועקרעדעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקרעדן. אַן אַ, בּיז שפּעט אין אָוונט.
אַוועקרעדערן — אוטוו. ־ער אַוועק, ~
גערעדערט. אַוועקפֿאָרן מיט אַ וואָגן. אַ, אין
דער בּלאָטע בּיז צו דער קרעטשמע.
אַוועקרעוועון — אוטוו. ־רעווע אַוועק, ~
גערעוועט. אָנהייבּן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
רעוועון.
אַוועקרעזשען — טרוו. ־זשע אַוועק, ~

גערעזשעט. סל. אַוועקשנײַדן. אַ, די צויטן, בּרעגן.
אַוועקרעכענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקרעכענען (זיך). „נאָך אַזאַ
אַ, האָט מען נאָך אַלץ זיך ניט
אויסגערעכנט„.
אַוועקרעכעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקרעכענען (זיך).
אַוועקרעכענען — טרוו. ־כּן אַוועק, ~
גערעכנט. 1. רעכענען, חשבונען אַ לענגערע
צײַט. אַ אַ שווערע אויפֿגאַבע אפֿשר אַ צוויי
,
שעה. 2. בּײַם רעכענען עפּעס בּכּיוון ניט
אַרײַננעמען אין חשבון, בּאַזײַטיקן פֿון
סדהכּל. אַ, די הוצאות פֿון טראַנספּאָרט, אַ אַ
,
געוויסן פּראָצענט, דעם רווח. 3.
אויסרעכענען אַ לענגערן צעטל (בּײַם אויסטענהן זיך,
פֿירוואַרפֿן, בּײַם לויבּן). אַ אַלע עוולות. אַ, די
,

עשירותן און דעם יחוס פֿון דער משפּחה.

אַוועקרעכענען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
אַ לענגערע צײַט זיך רעכענען, מיט חשבּונות
איינער קעגן צווייטן, אָדער טענהן איינער
קעגן צווייטן. זיך אַ, מיט נײַן מאָס רייד.
אַוועקרעפּעטירן — טרוו. ־טיר אַוועק,
~(גע)רעפּעטירט. רעפּעטירן, אײַנחזרן,
אײַנלערנען עפּעס מיט עמעצן אַ לענגערע צײַט.
אַ, די ראָלע. אַ, צום עקזאַמען אַלץ וואָס מע
האָט געלערנט.

אַוועקשאַרן

אַוועקרעציטירן — טרוו. ־טיר אַוועק,
~(גע)רעציטירט. 1. אָנהייבּן רעציטירן. זיך
שטעלן אין אַן אַקטיאָרישער פּאָזע און אַ'.
2. רעציטירן אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ גאַנצן
אָוונט עמעצנס פּאָעמעס.
אַוועקרעקוויזירן — טרוו. ־זיר אַוועק,
~רעקוויזירט. דזוו רעקוויזירן, נאָר
עמפֿאַטישער.
אַוועקרעשן — [...ראַ־אַשן] רעש אַוועק, ~
גערעשט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבּן צו
רעשן. 2. טומלען, רעשן אַ לענגערע צײַט.
3. אַוועקלאָזן זיך ערגעץ מיט אַ רעש. אַ, פֿון

דאַנען. טרוו — עפּעס דערדריקן, ניט דערלאָזן
מיט אַ טומל, אַ רעש. מיט אַפּלאָדיסמענטן אַ,
די עטלעכע אויסרופֿן פֿון אומצופֿרידנקייט.
אַוועקשאָבן — טרוו. שאָב אַוועק, ~געשאָבט,
~געשאָבן. אַוועקקראַצן, אַוועקרייניקן דורך
שאָבן, קראַצן מיט אַ מעסער (אָדער אַן אַנדער
מכשיר). אַ, די שופּן פֿון פֿיש.
אַוועקשאַווערן — טרוו. ־ווער אַוועק, ~
געשאַווערט. ל2. אַוועקכאַפּן (איבערגוואַלד).
אַוועקשאַכערן — טרוו. ־כער אַוועק, ~
געשאכערט פֿאַרקויפֿן, פּטור ווערן פֿון אַ
— .
סחדרה ניט אויף קיין ערלעכן אופֿן אָדער
ניט ווי אַ סוחר פֿירט זיך. אַ, אויף גיך
טאַבעק אָן באַנדראָלן.
אַוועקשאַלן — שאַל אַוועק, ~געשאַלט. אוטוו
— מיטאַמאָל אָנהייבן שאַלן אָדער אַ לענגערע
צײַט שאַלן. דער בלאָז־אָרקעסטער שאַלט
אַוועק (דעם גאַנצן אָוונט). טרוו — מיט
הילכיקע קלאַנגען עפּעס דערדריקן, ניט דערלאָזן
מיט שאַלן. אַ, דעם שרעק פֿון אָנגריף.
אַוועקשאַסטען — טרוו. ־טע אַוועק, ~
געשאַסטעט. דזוו אויסשאַסטען ←.

אַוועקשאַסן — טרוו. שאַף אַוועק, ~געשאַפֿס (אפֿשר אויך: ~געשאַפֿן). 1. דערוויַיטערן, אַוועקנעמען, אַוועקטרייַבן. אַ, עמעצן פֿון דאַנעט. 2. אָפּשאַפֿן, ליקווידירן; באַזיַיטיקן. „אַזוי ווי דער פֿירשט האָט דאָס נישט דערלאָזט, האָבן זיי אים געוואָלט אַ'", קמ, 1868, No 23. „דער ציוניזם...וויל נאָך דעם איינציקנאַטירלעכן פּאַרטיי־פֿונדאַמענט — דעם נאַציאָנאַליזם — אַ'", פּרץ, ‚פּאָלעמיק'.

אַוועקשאַסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס (טואונג) פֿון אַוועקשאַפֿן. דאָס אַ, איז ניט אָנגעקומען גרינג.

אַוועקשאָקלען — טרוו. שאָקל אַוועק, ~ געשאָקלט. 1. שאָקלעו אַ לע גערע צייַט. אַ, דעם לולבֿ, דעם אַלטן קאָפּ. 2. אַוועקטרייסלען, רייניקן דורך שאָקלען. אַ, דעם שטויב. 3. מבֿטל מאַכן. אַ אַזעלכע טענות.

,

אַוועקשאָקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַוועקגיין זיך שאָקלענדיק. אַ, זיך פֿון דאַנעט. „ער האָט...זיך אַוועקגעשאָקלט מיט זײַנע געדאַנקען איבער די אַרומיקע דערפֿער“, בערג, בײַם דניעפּער I.
אַוועקשאָרוּוען — טרוו. ־ווע אַוועק, ~ געשאָרוועט. פּד. דזוו אַוועקרײַבן ←.
אַוועקשאַרן — טרוו. שאַר אַוועק, ~געשאַרט.
1. אַוועקרוקן פֿון אָרט אין אַ זײַט (מיט אַ האַנט, פֿוס, מכשיר). אַ, די הייסע קוילן און

אַוועקשאַרן זיך

דאָס אַש. אַ, אַ שטיינדל מיטן פֿוס. אַ, די ברעקלעך פֿון טישטעך. „ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ, אין אַ זײַט פֿאַרשיידענע עסנוואַרג,„ בערג, בײַם דניעפּער I. „כ'וועל יאָ [שלאָגן]! — וויל דער זקן אַ, פֿון וועג דאָס ווײַב“, אָפּאַ, 'אין אַ קעלערשטוב,. 2. פֿאַרשטויסן, דערדריקן. אַ, געפֿילן פֿון רחמנות. „ער האָט אַוועקגעשאַרט דעם געדאַנק“, אָפּאַ, מלאַוער דערציילונגען.
אַוועקשאַרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אַוועקגיין שטיל, פּאַמעלעך, אומבאַמערקט.

אַ, זיך פֿון שטוב. ,,קיציקל...האָט זיך בחרפּה שטיל אַוועקגעשאַרט,,, עט, משלים. 2. אַרויסמאַכן זיך, דערווײַטערן זיך, אָפּקערן זיך פֿון עפּעס פֿון אַ גרופּע. אַ,

,

זיך פֿון אַמאָליקע פֿרײַנד. אַ, זיך פֿון דער פּאַרטיי. 3. שטאַרבן (אויף אַ שטילן אופֿן). ,,געווען געזונט ווי אַ ריז, און זיך אַוועקגעשאַרט איינס און צוויי'', רייד.

אַוועקשאַרער — דער, ־ס. ווער עס שאַרט אַוועק, רוקט אַוועק אין אַ זײַט. ,,אַ, פֿון יִדיש,,, לע, טמז, 13 1960 III.

אַוועקשאַרצן — טרוו. שאַרץ אַוועק, ~ געשאַרצט. אַוועקשאַרן; מאַכן עס זאָל זײַן פֿאַרשאַרצט. [אין לד נב]. אַ, די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע. ,,דאָס פֿאָרהענגל אַוועקגעשאַרצט,,, ווײַס, אַ וואַלד־מיידל'.

,

אַוועקשאָרקען — טרוו. ־קע אַוועק, ~ געשאָרקעט. אַוועקרײַבן, אַוועקסקראָבען (מיט אַ געגרילץ). אַ, דאָס אָנגעברענטע פֿון טאָפּ.

אַוועקשברן — [...שאַבערן] טרוו. שבר אַוועק, ~געשברט. 1. אַוועקגנבֿענען נאָכן אַרײַנברעכן זיך. (גנבֿים־לשון). 2. צונעמען עפּעס

וואָס מע האָט געלאָזן אויף הפֿקר. „געגאַנגען
אַ, אין די פֿאַרלאָזענע ייִדישע הײַזער וואָס מע
האָט נאָר געקענט געפֿינען“, רייד.
אַוועקשדכענען — [...שאַ'דכענען] טרוו.
שדכן אַוועק, ~געשדכנט. 1. דורך אַ שידוך
(אויסגעפֿירט מיט דער הילף פֿון אַ
פֿאַרמיטלער, שדכן) אַוועקשיקן, פּטור ווערן. אַ, די
פֿוילע מויד אין דער פֿרעמד. 2.
במקומווערב פֿאַר: אַוועקשיקן, אַוועקפֿירן פֿאַרקויפֿן

,

אאַ (געוויינטלעך מיט דער הילף פֿון אַ
פֿאַרמיטלער). אַ, קאָנטראַבאַנד, אַ, דעם אומזיסטן
פֿרעסער צו אַנדערע קרובֿים.
אַוועקשוואַרצן — דזוו אויסשוואַרצן ←.
אַוועקשווײַגן — ־שווײַג אַוועק, ~געשוויגן.
אוטוו — שווײַגן אַ לענגערע צײַט. זיצן מיט
דער ווײַב און אַ, גאַנצענע אָוונטן. טרוו —
דורך שווײַגן עפּעס דערדריקן, בטל מאַכן. אַ,
דעם כּעס.
אַוועקשווייגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

-▯

פֿון אַוועקשווײַגן. אַ שווערע אַ'.
אַוועקשווימען — אוטוו. שווים אַוועק, בין
(האָב) ~געשוואומען. 1. דערווײַטערן זיך

שווימענדיק. אַ, צום צווייטן בּרעג. „לאָז דײַן
בּרויט מיטן וואַסר אַוועק שווימן, אַמאָל וועסטו
עס ווידיר גפֿינען“, מס, קהלת, יא, 1. „ווי
אַ וועל אַוועקגעשוואומען איז די ווײַטע, ווײַטע
וועלט“, יהואָש, 'צווישן בּיימער'. 2. שווימען
אַ לענגערע צײַט. אַ, הין און צוריק איבּער
דער אָזערע. 3. (אַזוי ווי) אַוועקרוקן זיך,
אַוועקגיין, אַוועקטאַנצן אע. „...האָט געטאַנצט.

117

דער דיל און די סטעליע זײַנען
אַוועקגעשוואומען“, ח. פּעט, צווישן פֿײַערן. 4.
פֿאַרבײַגיין פֿאַרשווינדן. יאָרן שווימען אַוועק.

,

אַוועקשווינדלען — טרוו. ־דל אַוועק, ~
געשווינדלט. אַוועקנעמען דורך (מיט) אַ שווינדל.
„האָט אַ פֿאַרוואַלטער אַוועקגעשווינדלט...דאָלאַר
פֿון זײַן פֿירמע“, טמז, 29 ▯ 1961 III.
אַוועקשוויצן — שוויץ אַוועק, ~געשוויצט.
אוטוו — שוויצן אַ לענגערע צײַט. אַ, אַ נאַכט
אין פֿיבּער; אַ אַ לעבּן בּײַ שווערער פּראַצע.

,

טרוו — באַזײַטיקן דורך שוויצן. אַ, די קרענק.
אַוועקשוועבן ▯ אוטוו. שוועב אַוועק, ~
געשוועבט. 1. מיט לײַכטקייט זיך טראָגן אין
דער לופֿט פֿון אָרט וואו מען איז צו אַ
ווײַטערן אָרט פֿלעגט זיך אים וועלן אַ, אין יענער
. ,,
חורבֿה ערגעץ אין דער מדבר“, אר, 'אין סאָד'.
2. פֿאַרשווינדן פֿאַרגיין. די יאָרן שוועבן
,
אַוועק. ,,דײַן רייץ...און דײַן גוטסקייט און
שפּילן — מיטן ווינט וועט עס אַלץ אַ,“, סעג,
. ▯טרונע▯ו.
אַוועקשוועגערן — אוטוו. ־גער אַוועק,
~געשוועגערט. טראָגן, שוועגערן לענגער
ווי געוויינטלעך. ,,נאָך איר חשבון קומט אויס
אַז זי האָט אַוועקגעשוועגערט כמעט צען
חדשים“. אַ, ביז אין די הויכע פֿערציקער.
אַוועקשווענקען — טרוו. שווענק אַוועק,
~געשווענקט. 1. שווענקען אַ לענגערע צײַט.
אַ, דעם האַלדז גאַנצע צען מינוט. 2.
אַוועקוואַשן, באַזײַטיקן אומריינקייט דורך
שווענקען אין וואַסער. אַ, די פֿלעקן. ,,באַוועגונגען
פֿון דער נשמה פֿון גײַסט...ברענגען די
,

כּוחות...שווענקען אַוועק די פֿילשטאָפֿן“, נאַד.
3. אַוועקפֿלייצן, אַוועקטראָגן (ווי) מיטן
וואַסער. “און זאַמד פֿאַר זאַמד אַ, די
שטיינערנע מלוכה,,, יהואָש, 'צײַט און געדולד'.
,,ווערן די ווייטיקן אויפֿגעבונדן און די
צאַמען אַוועקגעשווענקט“, יג. 4. באַזײַטיקן בכלל.
,,...אַ, דעם פֿאַלשן אײַנדרוק אַז ייִדן זײַנען
געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה“, בצג,
טמז, 2□ 1□19 □I.
אַוועקשווערן — טרוו. שווער אַוועק, ~
געשוואָרן. באַזײַטיקן דורך אַ שבֿועה. אַ, דעם
פֿאַרדאַכט.
אַוועקשווערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. שווערן
זיך אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך מיט דעם
אייגענעם לעבן און מיטן לעבן פֿון ווײַב
און קינדער.
אַוועקשוימען — שוים אַוועק, ~געשוימט.
אוטוו — אנהייבן אַרויסצוגעבן שוים פֿון
□
.
צאָרן שוימען די ליפּן אַוועק. טרןו —
אַוועקנעמען מיט (דורך) שוים. “...העלפֿט אַ, שפּײַז“,
פֿאָר, 30 □1961 II.
אַוועקשוסטערן — טרוו. ־טער אַוועק, ~

געשוסטערט. 1. אַרבעטן בײַ שוסטערײַ אַ
לענגערע צײַט. אַ, דאָס גאַנצע לעבן. 2.
אַוועקפּטרן דורך שלעכטער אַרבעט. „אײַ, האָט איר
מיר אַוועקגעשוסטערט די מאַרינאַרקע!“.
אַוועקשושקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אַוועק,
זיך ~געשושקעט. ריידן צווישן זיך
שטילערהייט, סודען זיך, אַ לענגערע צײַט. „אַ
מכשפֿה... לויפֿט צו... צום אשמדאי.... און
שושקעט זיך מיט אים אַוועק אַ היפּשע צײַט“,
ממוס, קליאַטשע.

אַוועקשטויסן

אַוועקשטאַמלען — ־מל אַוועק, ~
געשטאַמלט. אוטוו — שטאַמלען אַ לענגערע צײַט.
טרוו — דזוו אויסשטאַמלען ←. אַ, דעם דאַנק
און אַרויסלויפֿן.
אַוועקשטאַמלעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקשטאַמלען. אַ קוועטשעניש,
אַן אַ'.
אַוועקשטאַרבן — אוטוו. שטאַרב אַוועק, בין
~געשטאָרבן. שטאַרבן אומגעריכט,
פּלוצעם אָדער נאָך לענגערן מאַטערן זיך. „
שטאַרבן אַ לעבן לאַנג פֿון הונגער און אַ, ווען מע

קריגט אַ ירושה“, שוו. „ווי דערלעבּט מען שוין אַ'!“ פֿוול. „שטילקייט שטאַרבּט אַוועק אין

'

שטילקייט, נאַכט אַליין אין נאַכט בּאַגראָבּט זיך“, סעג, פּאָעמען. זן טרוו. נעאָל. מאַכן שטאַרבּן; גורם זײַן צו שטאַרבּן פּאַמעלעך, בּיסלעכווײַז. „די נאָענטע אונדזערע וואָס זײַנען טיף אײַנגעגראָבּן אין זכּרון שטאַרבּן אויך אַוועק אונדזער לעבּן, ווען זיי שיידן זיך פֿון אונדז אויף אייבּיק„„ יג, 1954.

אַוועקשטאַרבּעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשטאַרבּן; מאַטערניש. אַן אַ, נאָך אַ גראָשן.

אַוועקשטאָרכען — טרוו. ־כע אַוועק, ~ געשטאָרכעט. אַוועקשטויסן, אַוועקשטופּן. אַ, מיט עלנבּויגנס, פֿיס; אַ, עמעצן מיט הערנער, מיט דער קאָפּעטע. ← אַוועקשטורכען.

אַוועקשטאַרצ(ע)ן — שטאַרץ (־צע) אַוועק, ~געשטאַרצ(ע)ט. אוטוו — בּרייט, ווײַט אַרויסרוקן זיך. די בּאַלקעס שטאַרצן אַוועק פֿון דעכל. טרוו — עפּעס אַרויסרוקן, מאַכן בּולט. אַ אַ פֿלאָקן.

'

אַוועקשטודירן — טרוו. ־דיר אַוועק, ~(גע)־

שטודירט. שטודירן, פֿאָרשן, לערנען אַ לענגערע צײַט. מע קען עס אַ, יאָרן־לאַנג.
אַװעקשטופּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַװעקשטופּן.
אַװעקשטופּן — טרוו. שטופּ אַװעק, ~ געשטופּט. באַזײַטיקן שטופּ, רײניקן דורך שטופּן. אַ, דאָס אַש.
אַװעקשטויס — דער, ־ן. אַקט פֿון אַװעקשטויסן.
אַװעקשטויסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַװעקשטויסן.
אַװעקשטויסן — טרוו. שטויס אַװעק, ~ געשטויסן. 1. שטויסן אַ לענגערע צײַט. אַ, עטלעכע פּוד מצה אויף מצה־פֿאַרפֿעלעך. 2. אָפּשטופּן פֿון זיך אויף אַ געװיסן מהלך; אָפּרוקן עמעצן אָדער עפּעס מיט כּוח. "זי איז אַזױ פֿאַרזינדיקט אַז יעדער[ער] װעט זי פֿון זיך אַ"", ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. „אַ ביסל גשמיותדיקע ליכטיקייט שטויסט אַװעק אַ סך פֿון דער פֿינצטערניש", תּניא, לג. 3. דערװײַטערן, פֿאַרשטויסן, פֿאַרטרײַבן. „דאַרום װערט זײַן תּפֿילה אַװעק געשטוסן", לט1, ה/ב. „ער װעט זיך פֿאָרכטן פֿאַר די שטראָף און כּדי ער זאָל זײ פֿון זיך אַ"", חה,

בּ, 219. 4. מבֿטל זײַן; אינגאַנצן,
לעצטגילטיק פֿאַרשטויסן. "וועט דיר אויסגעקלערט
ווערן דער אמת און דער שקר וועט
אַוועקגעשטויסן ווערן,,, חה, 28. *אַ, דאָס אייגענע
גליק = פֿאַרזען, ניט אויסניצן אַ מעגלעכקייט
פֿון גליק. ,,עש ווערט...פֿרן דעך מזל אַוועק

אַוועקשטויסעניש

גישטוסן, ווען ער גלײַך נקיט און בּלוס איז",
עיון, 2/26. מיט ז י ך , קזוו.
אַוועקשטויסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקשטויסן.
אַוועקשטומען — אוטוו. שטום אַוועק, ~
געשטומט. זײַן שטום אַ לענגערע צײַט;
אַוועקשווײַגן.
אַוועקשטופּ — דער, ־ן. דרייזין. אַקט פֿון
אַוועקשטופּן. אַן אַ, מיט כּוח.
אַוועקשטופּן — טרוו. שטופּ אַוועק, ~
געשטופּט. 1. אָפּשטויסן אויף אַ געוויסן מהלך,
אָפּרוקן מיט כּוח. ,,נאָכן אַוועקשטופּן דאָס
רענצל פֿון מיר בּין איך געוואָרן עפּעס
שטאַרקער", ממוס פּישקע. 2. דערווײַטערן,
,

פֿאַרשטויסן פֿאַרטרײַבן. „דאָס איז די בחינה
'פֿון דער לינקער האַנט וואָס שטופּט אַוועק'", תּניא, 204. „אַנשטאָט אים כּסדר אַ', רירט זי זיך נישט אָן אים אַ טריט", דעמבּלין, צוויי און א דריטער. *אַ, די צײַט = א) זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס וואָס אינטערעסירט ניט), אַבי די צײַט זאָל גיכער אַוועק; ב) אָפּלייגן אויף שפּעטער. "מע שטופּט אַוועק דעם הײַנט פֿאַרן מאָרגן, מען איז פֿול זיפֿצן און זאָרגן", ייִל, וועלט־לוח, אַדעס תּרמ"ג.

אַוועקשטופּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס (טואונג) פֿון אַוועקשטופּן.

אַוועקשטוצן — אוטוו. שטוץ אַוועק, ~ געשטוצט. פּר, גאַליציע. אַוועקגיין אויסגעפּוצטערהייט, אויסגעפֿראַנטעוועט. „ — וואוהין שטוצסטו עס אַוועק, זונדל מײַנס? — איך שטוץ נישט, איך גיי", נאַד, טעג אין נאַראַיעון.

אַוועקשטורכען — טרוו. ־כע אַוועק, ~ געשטורכעט. דזוו אַוועקשטאָרכען ←.

אַוועקשטורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אַוועקשטורעמען.

אַוועקשטורעמען — ־רעם אַוועק, ~

געשטורעמט. אוטוו — 1. אָנהייבן שטורעמען.
"האָט צוריק פֿיגור און אויסדרוק...געקריגן
און אַוועקגעשטורעמט ווידער", יהואָש,
היַאַוואַטאַ. 2. שטורעמען אַ לענגערע צײַט. דער
ים שטורעמט אַוועק שוין דעם דריטן טאָג.
3. זיך דערוויַטערן מיט אַ טומל, מיט א
מפּעט. טרוו — מיט שטורעם פֿאַרטרייַבן,
פֿאַריאָגן. אַ, דעם שׂונא

.

אַוועקשטותעווען — [...שטו'סעווען] אוטוו.
־עווע אַוועק, ~געשטותעוועט. ריידן, טאָן
נאַרישקייטן אַ לענגערע צײַט. אַ, מיט
פּוסטאון־פּאַסניקעס אַ גאַנצן טאָג.
אַוועקשטייאיק — אַדי. סטוטש. וואָס שטייט
אַוועק, וואָס בלייַבט אין אַ זײַט.
אַוועקשטיין — אוטוו. שטיי אַוועק, בין
~געשטאַנען. 1. שטיין אויף איין אָרט
אַ לענגערע צײַט. „זיי וואָלטן געקאָנט אַזוי אַ,
ביידע אַ גאַנצן טאָג, ווען עס זאָלן ניט געווען
אָנקומען זייערע ביידע ווייַבער", שע, קליינע
מענטשעלעך. 2. בלייַבן גאַנץ. "שטעל גוט
אַוועק, וועט עס אַ"", רייד. „ברענען איז ניט
אַ מוז. עס קען אַ הויז אַ, הונדערט יאָר און
ניט ברענען", ייִפּאָל, 3 .26 1881 XI. אָפּשטיין,

בלייַבן אין אַ זייַט (ווען אַנדערע גייען
ווייַטער). „ער איז אַוועקגעשטאַנען און מיר האָבן

אים פֿאַרלאָרן“. 4. ניט זייַן גוט פֿאַרמאַכט,
צוגעפּעסטיקט. „דער שלאָס שטייט אַוועק,
מיט איין צי קען מען אים אַראָפּרייַסן“. „די
טיר שטייט אַוועק און מע קען זען וואָס עס
טוט זיך אינעווייניק“. 5. זיך ניט באַטייליקן
אין עפּעס. בלייַבן אין דער היים. אַ, פֿון אַ
פֿאַרזאַמלונג, אונטערנעמונג. „און אַז דו וועסט
[איבער] עפּעס דאַרפֿן אַ', וועט מען דיר מן
הסתּם מוסיף זייַן“, קאָלמוס, דעך קאָמיסיאָנער,
ווילנע 1880. 6. זייַן (בלייַבן, האַלטן) אין אַ
זייַט, ווייַט פֿון עפּעס. „מע ברויך נזהר צו
זייַן דאָס מעל זאָל ווייַט אַ, פֿון וואַסער„,
הרבֿ א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
אַוועקשטייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקשטיין. ~שטייעכץ — דז מיט
בייַטעם פֿון ביטול.
אַוועקשטימען — טרוו. שטים אַוועק, ~
געשטימט. אָפּוואַרפֿן עפּעס דורך אָפּשטימען.
„וואָס לייגט איר עס ווידער פֿאָר? מיר האָבן

עס שוין אַוועקגעשטימט בײַ דער פֿריִערדיקער פֿאַרזאַמלונג“, רייד.

אַוועקשטינקען — שטינק אַוועק, ~ געשטונקען. אוטוו — אָנהייבן שטינקען אָדער (און) שטינקען אַ לענגערע צײַט. טרוו — פֿאַרטרײַבן דורך אַ שלעכטן ריח.

-

אַוועקשטיסן — אוטוו. שטיף אַוועק, ~ געשטיפּט. אָנהייבן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט שטיפֿן.

אַוועקשטעכן — טרוו. שטעך אַוועק, ~ געשטאָכן. 1. שטעכן, דערשטעכן (מיט בײַטעם: לעצטגילטיק). אַ, עמעצן און אים לאָזן ליגן קאַלט. 2. באַזײַטיקן דורך שטעכן. אַ, אַ בלאָטער. 3. אויסנייען אַ לענגערע צײַט.

אַוועקשטעל — דער, ־ן. אַקט, רעזולטאַט, אופֿן פֿון אַוועקשטעלן (זיך). „לגמרי איז ניט בנמצא אָט דער צווייטער מין ביכער, וואָס זײַנען אַזוי נייטיק פֿאַרן געהעריקן אַ, פֿון אונדזער לימוד“, ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921.

אַוועקשטעלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקשטעלן (זיך).

אַוועקשטעלן — טרוו. שטעל אַוועק, ~

געשטעלט. 1. בּרענגען אין אַ שטייעדיקן צושטאַנד. אָנשפּאַרן די ליאַלקע מיט איין פּיסל אין וואַנט און זי אַ. „איבּערגעקערט אַ טשעמאָדאַן, אַוועקגעשטעלט צווישן די פּיס — מע וואַרפּט אויס קאָרטן“, שע, 'זעקס־און־זעכציק'.
אַ אַ (דעם) פּוס = אַרויסווײַזן בּאַשלאָסנ. ,
קייט, ניט לאָזן זיך בּאַעוולען [פֿאַרבּונדן מיט אַרײַנשטעלן אַ פּוס, מע זאָל ניט קענען פֿאַרמאַכן די טיר און ניט אַרײַנלאָזן]. אַ, אויף
.
די פּיס = (געבּן גרויסמוטיק הילף און) מאַכן זעלבּשטענדיק, שאַפֿן פֿאַר אַ צווייטן אַ קוואַל פֿאַר פּרנסה.
2. לאָזן שטיין אַ לענגערע צײַט. אַ, יאַגדעס אויף ווינטער. אַ, אײַנגעמאַכטס אויף ניט צו בּאַדאַרפֿן [— פֿאַר אַ חולה]. אַ, (דאָס
—
.
קינד) מיטן וויגעלע = זיך ניט קענען קיין עצה געבּן אין אַ שווערער סיטואַציע, זײַן אומבּאַהאָלפֿן, ניט וויסן וואו זיך אַהינצוטאָן.
*ס'איז קרעפּלעך אַוועקצושטעלן = מען איז אין אַ גוטן מעמד, זייער זאַט, זאָרגלאָז.
3. לאָזן שטיין מיט אַ געוויסן ציל אויף אַ

אַוועקשטעלן

בּאַשטימטער צײַט. אַ, דעם סאָלדאַט אויף דער וואַך, אויף קאַראַאול. אַ אַ קינד אין ווינקל
,
— בײַם בּאַשטראָפֿן (פֿאַרן בּרעכן דיסציפּלין, קליינעם חטא).

4. שטעלן אין אַ זײַט, אַוועקנעמען פֿון איין אָרט און שטעלן אין אַן אַנדער אָרט. „שטעל איך אַוועק דאָס מעלקשעפֿל, נעם אַ בּעזעם...„, ממוט, טפֿר הבּהמות. „האָצמאַך... האָט אַוועקגעשטעלט עטלעכע קאָטשערעס מיט ...לאָפּעטעס„ [= זיך אונטערגעשריבּן], שע, בּלאָנדזענדע שטערן 5 .I. לאָזן צו רו, לאָזן אָפּרוען. אַ, איין מאַשינקע און זיך נעמען צו אַ צווייטער. „אָנגעקומען קיין בּויבּעריק... אַוועקגעשטעלט דאָס פֿערדל“, שע, טבֿיה.

6. אַרויפֿשטעלן, אַרויפֿלייגן. אַ, די בּיכער אויף דער אייבּערשטער פּאָליצע. „און אויבּ זי וועט אים געפֿעלן, וועט ער איר די קרוין אויפֿן קאָפּ אַ'“, שע, 'בּײַם קיניג אחשורוש, [בּײַם ציטירן אַ פּורים־שפּיל].

7. אײַנשטעלן, בּאַשטימען; אײַנאָרדענען;

אויפֿשטעלן פֿון גאָט זײַנען אַוועקגעשטעלט

. ,,

געוואָרן דעם מענטשנס טריט“, תּניא, 476.
,,וואָלטן זיי בײדע אַוועקגעשטעלט אַזאַ
טעאַטער!,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן . ,,אַ אַן

,

אייגענע סטאַטיסטיק“, ייִבל XXI, 282.
אַ, דעם שבת (יום־טובֿ) על מכונו =
פּראַ.

ווען ווי עס געהער צו זײַן.
8. אָננעמען אויף אַ שטעל; שאַפֿן, קריגן
פֿאַר עמעצן אַן אַרבעט, פּאָזיציע. אַ, די
יתומה פֿאַר א דינסט. אַ אַ נײַעם פֿירער פֿון

,

-

אָפּטייל.
9. אַרויסשטעלן פֿירברענגען פֿאָרלייגן. אַ,

, ,

ווי אַ מוסטער, אַ, לדוגמא, ווי אַ בײַשפּיל. אַ,

אַ פּראָבלעם. אַ אַ פֿראַגע. 1O.
אַרויפֿ,
שרײַבן, פֿאַרשרײַבן. אַ, אויפֿן רעקאָרד. אַ, אַ
גוטן ייִכן אויף (פֿאַר) דער קאָמפּאָזיציע.
11. געבן אַ באַשטימטע אָרבעט (
געוויינטלעך ווי אַ טייל פֿון אַ גרופּע). אַ, רייניקן די
שטאַלן. אַ, רעדלען מצה   פֿאָני האָט אים
. ,,
אַוועקגעשטעלט גלײַך מיט אַלע יוונים, ער
זאָל שיסן,,, שע, מעtזיות און פֿאַנטאַזיעס.
12. אָנשטעלן. אַ אַ ריכטיקן (פֿאַלשן)
,
טאָן. ,,ער האָט זיך געגען אַ נעם בײַם גאָרגל
און אַ שטעל אַוועק אַ פֿאַלשן טאָן,,, שע, לכּבֿוד
יום־טובֿ II. ‘‘האָט ז אַוועקגעשטעלט די ברילן
׳
אויף אים און געזאָגט‘‘, שע, אין שטורעם.
13. שטעלן אויף עפּעס (בײַ אַ שפּיל,
פֿאַרמעסט צו געווינען). אַ, די גאַנצע סומע אויף
איין פֿערדל. אַ, אַ צענערל אויף אַ קאָמאַנדע
[דה אַז זי וועט געווינען]. ,,שוין דאָס זעקסטע
מאָל ווי איך שטעל אַוועק אויפֿן קעניג פּיק,

און איר זאָלט זאָגן, ער זאָל דאָס איין מאָל
אויסנעמען,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן I.

14. אויפֿשטעלן, אויפֿבויען. אַ, אַ מויער.
״זאָל ער אַ, בײַ דער שטוב אַ פּלויטל״, אי.
קיפּניס, אונטערוועגנס.

15. קאָנצענטרירן אויף עפּעס, קאָנדענסירן
אין איי□ס. אַ, אויף איין יסוד, איין פּרינציפּ.
״תּרי,,ג מצוות זײַנען געגעבן געוואָרן...איז
געקומען חבֿקוק און זיי אַוועקגעשטעלט אויף
איינער,,, תּניא, 84. 16. באַטראַכטן אָדער
דערהייבן ווי דעם עיקר, הויכפּונקט, צענטער.

אַוועקשטעלן זיך

,,אַנדערע אָבער האָבן אַוועקגעשטעלט אין דעם
מיטלפּונקט פֿון רוים די גראַקכן״, קאָראַלניק
II. ,,דער טובֿ פֿון דעם רע וואָס איז אין
יסורי־תּפֿיסה שטעלט אַוועק דעם מענטשן אויף
אַ העכערער שטופֿע אין לעבן״, לדבֿ.

17. (וואוילױנגעריש). איבערלאָזן,
אַוועקוואַרפֿן. (געוויינטלעך וועגן אַ געליבטן אָדער
געליבטער). ,,ער איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופֿע
אַז די נקבֿה, וואָס ער איז אַוועק מיט איר
וואוינען, האָט אים אויך אַוועקגעשטעלט״, באַש.

אַוועקשטעלן זיך — אוטוו. שטעל זיך
אַוועק, זיך ~געשטעלט. 1. זיך אויפֿשטעלן
אָדער צוקומען און בלײַבן אין אַ שטייעדיקן
צושטאַנד. זיך אויפֿהייבן פֿון אָרט און זיך
אַ, פֿאַרן עולם. "אָנגעלאָפֿן מיט אַ פֿײַפֿערײַ
אַ ווינט און זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן
שאָסיי", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. „דער טײַך
האָט זײַן רעכטע האַנט פֿאַרבויגן און זיך
פּאָדבאָקאָם אַוועקגעשטעלט", ראָלניק. *זיך אַ, אויף
אייגענע פֿיס = ווערן זעלבשטענדיק.

2. זיך באַווײַזן, בלײַבן אַ געוויסע צײַט
אויף איין אָרט. טרערן שטעלן זיך אַוועק אין
די אייגן. אַ שמייכל שטעלט זיך אַוועק אויפֿן
פּנים. 3. אײַנשטעלן זיך, בלײַבן אין דעם
זעלביקן מצבֿ אַ לענגערע צײַט. עס שטעלט
זיך אַוועק אַ שווערער ווינטער, אַ פֿראָסט.
"אָסיען־צײַט, אַז אין שטעטל פֿלעגט זיך אַ,
די גרויסע בלאָטע...", אר, 'אידישע מטבעות,.
„אַ טאָג האָט זיך אַוועקגעשטעלט דעמאָלט
אַן אויסגעצייכנטער", שע, פֿון כתרילעווקע.
אַ יקרות, אַ זול שטעלט זיך אַוועק. "ווערליק
עס ווײַזט זיך, דאַרף זיך מיט דירות אַ, אַ
סך העכער ווי פֿאַראַיאָרן", שע, מאַריענבאד.
„עפּעס ווי איבערנאַכט איז די הויט אויף איר

פּנים געוואָרן גערונצלט און אַרום די אויגן האָבּן זיך אַוועקגעשטעלט נעצן מיט קנייטשעלעך“, בּאש, פּאָר, 25 1960 III.

4. אַנטקעגנשטעלן זיך. דער איינציקער וואָס שטעלט זיך אַוועק און זאָגט ניין. אַ, זיך קעגן שׂונא, פאַרשלאָג, פּלאַן.

5. בּלייַבּן בּײַ דער אייגענער מיינונג, בּײַ דער (פריערדיקער) דעה. זיך אַ, (בּײַ ציוניסטן) = יאָרן־לאַנג זײַן, בּלייַבּן (אַ ציוניסט). ,,האָט זיך דאָס יונגע פּאָרל אַוועקגעשטעלט: ווילן מיר אָבּער!“, שע, פון כתרילעווקע.

6. זיך אָנשפּאַרן אויף עפּעס (בּײַ אַ וויכּוח); אָננעמען וו אַ יסוד, אַ סמך פאַר אַ
בּאטראַכי
טונג; געבּן א פּשטל, בּרענגען א דרוש. זיך אַ, אויף א פּסוק, אַ מימרא. זיך אַ, אויף אויטאָריטעטן. זיך אַ, אויף דער אַלטער פּאַרטיי־פּלאַטפאָרעם. ,,ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּסוק פון דער תּוכחה,,, שע, ,לשנה טוֹבֿה'.

7. שטעלן זיך אין אַ פּאָזיציע (אַ גינסטיקער אָדער אומגינסטיקער) לגבּי עמעצן. א, זיך ווי דער אַרויסהעלפער, דער שיינער נדבֿן, וו אַ פּאַרד, וו אַ מיאוסער קאַרגון.
י י

*זיך אַ, בּרייט, רײַך = פֿירן אַ בּרייט, רײַך לעבּן. „פּראָטעקציע? אין אַ פֿײַנער לאַגע קען ער זיך דאָ בּאַלד אַ, צו אַלע איבּעריקע חבֿרים אַרבּעטסלאָזע“, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבּריק.
8. אויפֿהערן פֿירן געשעפֿטן, בּאַנקראָטירן. „אויף אים זאָגט מען, ער האָט זיך מיאוס

119

אַוועקגעשטעלט“ [= גאָרניט בּאַצאָלט די קרעדיטאָרן], שע, מאָנאָלאָגן. 9. פֿטמ. אָנגעבּן אין דעמיסיע. אוקר. קראַנק ווערן און אַ, זיך.
1O. צוטרעטן, אָנהייבּן טאָן אַן אַרבּעט אין אַ שטייעדיקער פּאָזיציע. זיך אַ, בּאַקן בּרויט.
„דער טאַטע...האָט אָנגעשפּיגן פֿריִער אויף איין האַנט, דערנאָך אויף דער צווייטער און זיך אַוועקגעשטעלט גראָבּן,„ אי. קיפּניס, אונטערוועגנס.
אַוועקשטעלעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
דזוו אַוועקשטעל, אַוועקשטעלונג (איר בּײַטעם).
אַוועקשטעלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשטעלן (זיך).
„אַן אַ, פֿון אַ נגיד און אַ קעשענע פֿון אַ קבּצן“, פֿוול.

אַוועקשטעלער — דער, ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס שטעלט אַוועק, ספּעצ ווער עס שטעלט אויס סחורה אין פֿענצטער אָדער אויף פּאָליצעס פֿון אַ קראָם. זי פֿאַרדינט איר ברויט ווי אַן אַ'קע.

אַוועקשטעלעריי — דאָס & די, ־ען. אַרבעט,
-
טואונג בײַם אַוועקשטעלן (זיך).

אַוועקשטעמפּלען — טרוו. ־מפּל אַוועק, ~געשטעמפּלט. אַרויפֿלייגן שטעמפּל(ען) און מיט דעם עפּעס פֿאַרענדיקן. אַ, די פּאַפּירן און זיי אַוועקלייגן.

אַוועקשטעפּן טרוו. שטעפּ אַוועק, ~ געשטעפּט. 1. שטעפּן אַ לענגערע צײַט. 2. פֿאַרריכטן עפּעס, באַזײַטיקן אַ חסרון דורך שטעפּן. אַ, אַ פֿליאַם. 3. שטעפּן אין אַ זײַט.

אַוועקשטראַלן — טרוו. שטראַל אַוועק, ~געשטראַלט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסצוגעבן שטראַלן. אָנהיצן צו דער מדרגה עס זאָל אַ'. 2. אַרויסגעבן שטראַלן אַ לענגערע צײַט אָדער אין דער ווײַט אַרײַן. אַ, טויזנטער ליכט־יאָרן. פֿיג אַ, פֿון פֿרייד.

אַוועקשטראָמען — שטראָם אַוועק, ~ געשטראָמט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבן

שטראָמען אין דער ווײַט. 2. שטראָמען אַ לענגערע צײַט. טרוו — אַוועקטראָגן מיט אַ (גיך־פֿליסיקן) שטראָם. „דאָס געוויסער שטראָמט אַוועק גאַנצע הײַזלעך“, רייד.

אַוועקשטרייכן — טרוו. שטרײַך אַוועק, -

~געשטראָכן, ~געשטריכן, ~געשטרײַכט. עלימינירן, באַזײַטיקן דורך שטרײַכן. אַ, די איבעריקע זאַצן.

אַוועקשטריקן — טרוו. שטריק אַוועק, ~ געשטריקט. שטריקן אַ לענגערע צײַט.

אַוועקשטרעבן — אוטוו. שטרעב אַוועק, ~געשטרעבט. 1. שטרעבן אין דער ווײַט אַרײַן. אַ, צום ווײַטן גליק. 2. מיט באַגער, מיט חשק זיך לאָזן ערגעץ. אַ, אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן.

אַוועקשטרעקן — טרוו. שטרעק אַוועק, ~געשטרעקט. אויסציִען אין דער גאַנצער לענג. אַ, די פֿיס ביז צום טישל.

אַוועקשטשאָבען — טרוו. ←

אויסשטשאָבען. אויך: באזײַטיקן דעפֿעקט דורך שטשאָבען.

אַוועקשטשאָכען — אוטוו. ־כע אַוועק, ~געשטשאָכעט. (גראָבלעך וועגן בעלי־חיים,

בנוגע מענטשן וואול). 1. אורינירן אַ
לענגערע צײַט. דאָס פֿערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט

אַוועקשיסן

און אַוועקגעשטשאָכעט. 2. זיך באַנעצן
לענגער ווי געוויינטלעך, אַ, ביז פֿינף יאָר.
אַוועקשטשיפּען — טרוו. ־פּע אַוועק, ~
געשטשיפּעט. רוסיצ, דזוו אַוועקטשיפּען. ←.
אַוועקשטשערבען — טרוו. ־בע אַוועק,
~געשטשערבעט. אויך מיט ז י ך. 1.
מאַכן קאַרבן, מאַכן שטומפּיק. אַ, אַ מעסער,
מאַכן עס פֿאַר אַ שטיק האָלץ. 2.
אַוועקברעכן אַ שטיקל. אַ, אַ שטיקל צאָן.
אַוועקשיבן — טרוו. שיב אַוועק, ~געשאָבן,
~געשיבט. פּר. אַוועקרוקן. אַ, פֿון זיך דעם
טעלער.
אַוועקשיטן — טרוו. שיט אַוועק, ~געשאָטן,
~געשיט (פּד). 1. שיטן אַ לענגערע צײַט.
אַ, מעל פֿאַר אַלע קנעטערינס. 2. באַזײַטיקן
דורך שיטן. אַ, דאָס מיסט, דעם אָפּפֿאַל.
3 פֿונאַנדערשפּרייטן, צעוואַרפֿן. אַ, זאַמד
.
אויף דער פּאָדלאָגע. 4. אָנריידן,

אויסדערציילן. אַ, רכילותן.

אַוועקשיטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַליין פֿון

,

זיך, אָן אַ כיוון זיך שיטן אין אַ זײַט. בײַם שיטן מעלצוקער שיט זיך אַוועק אפֿשר אַ האַלבער פֿונט. פֿיג. דער אַלטער שיט זיך אַוועק.

אַוועקשיילן — טרוו. שייל אַוועק, ~געשיילט. 1. שיילן אַ לענגערע צײַט. אַ, קאַרטאָפֿל אַלע יאָרן פֿון דינסט. 2. דורך שיילן באַזײַטיקן. אַ, שאָלעכץ; אַ, האַלבע עפּל.

אַוועקשיילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך, אָן זײַטיקן אַרײַנמיש (אָפּ)שיילן זיך. די טרוקענע הויט שיילט זיך אַוועק.

אַוועקשיילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקשיילן (זיך).

אַוועקשיינען — אוטוו. שײַן אַוועק, ~

גע ־

שײַנט. שײַנען אַ לענגערע צײַט אָדער אין דער ווײַט אַרײַן. דאָס ליכט קען אַ, (אויף) עטלעכע מײַל. אַ, פֿון נחת.

אַוועקשייערן — טרוו. שײַער אַוועק, ~

געשײַערט. 1. שײַערן אַ לענגערע צײַט. 2. באַזײַטיקן עפּעס דורך רײַבן, רייניקן. אַ,

דעם זשאַווער.
אַוועקשיכּורן — [...שיקערן] שיכּור אַוועק, ~געשיכּורט. אוטוו — שיכּורן אַ לענגערע צײַט, אָן אויפֿהער. אַ, גאַנצע וואָכן. טרוו — דורך טרינקען אַ סך אַלקאָהאָלישע געטראַנקען פֿאַרטרײַבן, באַזײַטיקן עפּעס. אַ, די דאגות, די צרות.

אַוועקשילטן — טרוו. שילט אַוועק, ~ געשאָלטן. דזוו אוועקשעלטן ←.

אַוועקשימלען — אוטוו. שימל אַוועק, ~ געשימלט. 1. אָנהייבן שימלען. האַלט עס טרוקן, אַניט וועט עס אַ'. 2. שימלען אַ לענגערע צײַט. „די לעדער שימלט אַוועק אויפֿן בוידעם און ווערט קאַליע“. אַ, פֿון אַלטקייט.

אַוועקשינדן — טרוו. שינד אַוועק, ~געשונדן. אַוועקשנײַדן בײַם אַראָפּנעמען פֿעל פֿון אַ בהמה. ריין אָפּשינדן און ניט אַ, קיין פֿלייש. אַ, פֿעטס פֿון פֿעל.

אַוועקשיסן — טרוו. שיס אַוועק, ~געשאָסן. 1. דערשיסן צום טויט. אַ, די פֿאַרמשפּטע. 2. שיסן אַ לענגערע צײַט. דער שׂונא שיסט אַוועק די גאַנצע נאַכט. 3. שיסן אויף אַ ווײַטן מהלך. אַ, הויך אין דער לופֿט.

אַוועקשיפֿלען

אַוועקשיפֿלען — שיפֿל אַוועק, ~געשיפֿלט.
אוטוו — אַוועקפֿאָרן אויף אַ שיפֿל. אַ, ווײַט אין ים אַרײַן. טרוו — אַוועקפֿירן עמעצן (עפּעס) אויף אַ שיפֿל. אַ, דעם וואָלף און די ציג.
אַוועקשיפֿלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אַוועקפֿאָרן אויף אַ שיפֿל. 2. שיפֿלען זיך אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך בּיז עס בּאַווײַזן זיך די שטערן.

-

אַוועקשיפֿן — שיף אַוועק, ~געשיפֿט. אוטוו — אַוועקפֿאָרן מיט אַ שיף. אַ, פֿון האַפֿן.
„נאָכן עסן האָבן מיר אַוועקגעשיפֿט ווײַטער“, איק, פּסח, תּשי״ז. טרוו — אַוועקשיקן מיט אַ שיף. אַ, סחורה פֿון איין לאַנד אין אַן אַנדער לאַנד.

□

אַוועקשיפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אַוועקפֿאָרן אויף (מיט) אַ שיף. אַ, זיך מאָרגן בּאַגינען. „אַלע האָבן זיי געוואונטשן גליק

און זיי האָבן זיך אַוועקגעשיפֿט,,, פֿמ.
2 פֿאָרן אויף אַ שיף אַ לענגערע צײַט.
.
אַוועקשיקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אַוועקשיקן. דאָס וואָס ווערט אַוועקגעשיקט.
פֿאַרזיכערן, פֿאַרסטראַכירן די אַ'.
אַוועקשיקן — טרוו. שיק אַוועק, ~געשיקט.
1. געבן עמעצן עפּעס אַוועקצופֿירן אָדער
אַוועקצוטראָגן. אַ, בריוו, סחורה. אַ,
שלחמנות, אַ פּדיון פֿאַרן רבין. ,,גם העט מאיר
דורך איין ספֿינ, כלים מיט דעם אַוועק
געשיקט'', 'כ''י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669.
2. הייסן עמעצן גיין, עפּעס טאָן אָדער
סתם אַוועקגיין, אויך דערווײַטערן. אַ, דעפֿ
משרת עפּעס קויפֿן. ,,אַז אַ קינד זאָגט אַ
חכמה, זאָל מען עס באַלד אַ',,, שוו.
3 פֿאַרשיקן פֿאַרטרײַבן. אַ, אין גלות;
,
אַ, פֿון אַ שטאָט. ,,אַ גאַנצע שטאָט שיקט מען
קיין סיביר ניט אַוועק'', שוו. ,,אַז עס איז
געקומען יום־כיפור, האָט מען גענומען אַ
ציגעלע און מ'האָט עס אַוועקגעשיקט (לעזאזל)
אין דער מדבר אַרײַן'', לט2, 2/31.
4. באַזײַטיקן, אָפּזאָגן פֿון אַ שטעל, אַמט.

אַ, די (איבֿעריקע) מענטשן, דעם באַאַמטן.
5. אויסריכטן אין וועג און הייסן עמעצן פֿאָרן (גיין) צוליבֿ דעם נוצן פֿון געשיקטן. אָ, דעם בחור אין ישיבֿה (אַרײַן). אַ, קיין אַמעריקע. „איין מלכּה האָט איין טאכטר אויש געבֿן אינם יונגן מלך, דא זי האָט דיא טאכטר אַוועק גישיקט אויף איר חתונה“, לט1, 2/96.
6. פּטור ווערן פֿון עפּעס. „זיי [די בינונים] קענען איר [די נשמה הבֿהמית] ניט אָ, אַלע זייערע יאָרן“, תּניא, 87. *אַ, מיטן פֿײַער = אונטערצינדן. „ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון זײַן שלעכט געשעפֿט, האָט ער אים אַוועקגעשיקט מיטן פֿײַער“, י. פּאַט, צוק, 1958, I—II. אַ, מיטן וואַסער = א) אַ, מיט

א שיף; בּ) לאָזן אויף הפֿקר, אויף גאָטס בּאַראָט. אַ, מיטן ווינט = א) זיך בּאַפֿרײַען פֿון

עפּעס, בּ) לאָזן אויף הפֿקר.
אַוועקשיקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אַוועקשיקונג, אַוועקשיקעניש (קען האָבן בּײַטעם פֿון בּיטול).
אַוועקשיקעניש — דאָס (די), ־ן. (
גערויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשיקן (אויו אי).

דאָס אַ, געדויערט לענגער ווי דאָס פֿאָרן.

אַוועקשיקער — דער, ־ס. עקספּעדיטאָר. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אַוועקשיקן סחורה.
אַוועקשיקערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט, טואונג פֿון דעם אַוועקשיקער.
אַוועקשלאָגן — טרוו. שלאָג אַוועק, ~ געשלאָגן. 1. טאָן עפּעס אַ לענגערע צײַט דורך קלאַפּן, שלאָגן. אַ, ווײַסלעך ביז עס ווערט אַ שוים. 2. הרגענען, שלאָגן זייער שטאַרק. אַ, ביז בלוט זאָל רינען. 3. אָפּשטויסן, דערווײַטערן פֿאַרטרײַבן. „ער זאַל אלי זאָרג פֿון הערצן לאָזן, און זאַל אַל זיין זאָרג אַוועק שלאָגן“, לט1, 2/58. „מײַנע טרערן זאַל פֿאַר לעשן דיין גרים צאַרן און מיין תּשובֿה זאַל וועק שלאָגן פֿון מיר דיין רוגז„, תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבערדרוק פֿון דירנפֿורט 1798] כח/א. „...איז בטוח עולם הבא צו האבן און זיין מקטריגים מיט דער תּפֿילה אַוועק צו שלאָגן“, עיון, 2/38. *אַ, די צײַט = פּטרן די צײַט אויף גאָרנישט.

אַוועקשלאָגן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
זיך קעגנזײַטיק שלאָגן אַ לענגערע צײַט; זיך אַמפּערן פֿירן אַ לענגערן וויכּוח. אַ, זיך וועגן (איבער) דעם פּסוק, אַרטיקל אע. אַ, זיך מיט עמעצן.
אַוועקשלאָגעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשלאָגן (זיך). „עפּעס אַ גאַנצער חד־גדיא, אַ פֿאַרשלאָגעניש, אָפּשלאָגעניש, אַ, ביז אַנגסטן־באַשלאָגעניש“, ממוט, 'אַסיפֿות'.
אַוועקשלאָכ(צ)ען — אוטוו. ־כ(צ)ע אַוועק, ~געשלאָכ(צ)עט. 1. כליפּען אַ לענגערע צײַט. אַ, און ניט קענען אויפֿהערן. 2. אָנהייבן כליפּען, וויינען הויך אויף אַ קול. „מע האָט עס קרום אָנגעקוקט, נעמט עס און שלאָכצעט אַוועק“.
אַוועקשלאָכ(צ)עניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשלאָכ(צ)ען.
אַוועקשלאָנדעדן, ~שלאָנדרעווען (זיך) — דזוו אַוועקשליאָנדערן, ~שליאָנדרעווען ←.
אַוועקשלאָפֿן — שלאָף אַוועק, ~געשלאָפֿן [אוטוו אויך: ב י ן]. אוטוו — שלאָפֿן אַ לענגערע צײַט אָדער כּסדר. „עס איז צום

זכּרון טאַקע שלעכט אַוועקצושלאָפֿן גאַנצע ווינטערנעכט“, עט, לידער. „די אָבער וואָס שלאָפֿן אויפֿן טאָג אַוועק רירן זיך ניט — אַפֿילו וועק זיי און וועק“, ממוס, פּרק שירה. טרוו —, פּטרן די צײַט מיט שלאָפֿן; פֿאַרטרייַבן עפּעס דורך שלאָפֿן. אַ, דאָס פּעקל יאָרן. אַ, זאָרג. פֿטמ.

אַוועקשלאָפֿעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקשלאָפֿן. אַן אַ, בּיז 12 בּײַטאָג.

אַוועקשלו(י)כצן

לו(וועק,

— אוטוו,

י

~געשלו(י)כצט. אויך: ~ש . דזוו

שלו י כ

אַוועקשלאָכ(צ)ען ←.

אַוועקשלומפּערן — טרוו. ־פּער אַוועק, ~געשלומפּערט. דזוו אויסשלומפּערן ←. אַ, אַ נײַעם מלבוש און מאַכן פֿון דעם אַ שמאַטע.

אַוועקשלופּערן — טרוו־ ־פּער אַוועק, ~ געשלופּערט. אַרכ. Mhd: sluP e(r)n־ אַריבּערגליטשן (זיך); גיך אָפּכאַפּן. „שלופּיר די

אַוועקשלינגען

הגדה ניט אַוועק גשווינד, מוזט פֿר שטין
געבֿן דיין גזינד״, ה, י.

אַוועקשלוקערצן — אוטוו. ־ערץ אַוועק, ~געשלוקערצט. 1. אָנהייבן מיטאַמאָל היקען, שלוקערצן. 2. היקען אַ לענגערע צײַט.

אַוועקשליאַיען זיך — אוטוו. ־יע זיך אַוועק, זיך ~געשליאַיעט. סל. דזוו אַוועקשלעפּן זיך ←.

אַוועקשל אָנדערן, ~שליאָנדערווען

(זיך) — אוטוו. ־דער (־דרעווע) אַוועק; ~ געשליאָנדערט (־נדרעוועט). אַוועקגיין אָן באַשטימטן ציל; אַוועקשלעפּן זיך; אַ לענגערע צײַט אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס. אַ, זיך איבער די גאַסן און קנאַקן סעמעטשקעס.

אַוועקשליאָפּען — אוטוו. ־פּע אַוועק, ~ געשליאָפּעט. אַוועקגיין מיט שווערע, פּאַמעלעכע טריט, אַזוי ווי קנעטנדיק בלאָטע. ״די פֿיס האָבן אַוועקגעשליאָפּעט ווײַטער״, שע, 'עולם הבא'.

אַוועקשליהן — [...שעלי אַכן] טרוו. שליח
,
אַוועק, ~געשליחט. 1. אַוועקשיקן מיט
עפּעס אַ שליחות, אַן אָנזאָג. „האָבֿ איך
גענומען מײַן קליין בּרודערל און
אַוועקגעשליחט אים צו מײַן חבֿר שיקל“. 2. פּטור
ווערן פֿון עמעצן דורך אַוועקשיקן אים,
אַוועקמשלחן.
אַוועקשליטלען — ־טל אַוועק, ~געשליטלט.
אוטוו — אָנהייבֿן אָדער (און) אַ לענגערע צײַט
פֿאָרן אויף אַ שליטל. אַ, אין אַ ווינטערדיקער
נאַכט. טרוו — אָנהייבֿן אָדער (און) אַ
לענגערע צײַט פֿירן אויף אַ שליטל. אַ, עמעצן
בּאַרגאַראָפּ.
אַוועקשליטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אָנהייבֿן זיך שליטלען. 2. פֿאָרן אויף
אַ שליטל אַ לענגערע צײַט אָדער אין דער
ווײַט אַרײַן. אַ, זיך בּיז צום צווייטן דאַרף.
אַוועקשלײַדערן — טרוו. ־דער אַוועק, ~
געי
שלײַדערט. אַוועקוואַרפֿן מיט כּוח. מיט
אימפּעט. אַ, די שטיינער. „און זאָל ער אַ, די
רעשט וואו ער וויל„, פּרץ, 'אַ ליבֿע'. „דער
לעזער...וואָלט [אַזאַ בּוך] געוויס אַוועקגעשל ר.

דערט און ניט גענומען עס מער אין האַנט
אַרײַן“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער.
אַוועקשלייכן (זיך) — אוטוו. שלײַך (זיך)

אַוועק, (זיך) ~געשלײַכט (אויך: ~געשליכן).
אַוועקגיין שטיל, אומבאַמערקט. „און ער איז
אַוועקגעגאַנגען, אַוועקגעשליכן האָט ער זיך,
מײַן געליבטער“, פּרץ, איבז 'שיר־השירים'.
„און זי איז אויפֿגעשטאַנען און
אַוועקגעשלײַכט זיך שטילערהייט„, הר, אָדמס קינדער.
אַוועקשלייפֿן — טרוו. שלייף אַוועק, ~ג
יִשלייפֿט פֿאַרניצן סטענגע (שטאָף) דורך
.
מאַכן אַ שלייף. אַ, די סטענגע פֿון בײדע
זײַטן. אויו: סתּם מאַכן שלייפֿן.
אַוועקשלײַפֿן — טרוו. שלײַף אַוועק, ~
געשלײַפֿט, ~געשליפֿן. 1. שאַרפֿן אויף אָ
שלײַפֿשטיין אַ לענגערע צײַט. 2. באַזײַטיקן
עפּעס אַ דעפֿעקט דורך שלײַפֿן. אַ, די פּגימות,
די קאַרבן.
אַוועקשלינגען —, טרוו. שלינג אַוועק, ~
געשלונגען. גיך אַוועקעסן. „חבֿרה האָבן איינס

אַוועקשלינגעניש

און צוויי אַוועקגעשלונגען אַלץ וואָס איז
געשטאַנען אויפֿן טיש“, רייד.
אַוועקשלינגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקשלינגען. ניט קיין עסן, נאָר אַן אַ'.
אַוועקשליסן — טרוו. שליס אַוועק, ~
געשלאָסן. פֿאַרשליסן, באַהאַלטן אונטער אַ
שלאָס ערגעץ אין אַ זײַט. אַ, דאָס
אײַנגעמאַכטס פֿון די קי ועך.
אַוועקשלענגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך
אַוועק, זיך ~געשלענגלט. אַוועקי.ין,
אַוועקדרייען זיך, אַוועקציִען זיך ווי אַ שלענגל,
געדרייטערהייט. דאָס טײַכל שלענגלט זיך אַוועק
איבער פֿעלדער.
אַוועקשלענדערן (זיך) — אוטוו. ־דער זיך
אַוועק, זיך ~געשלענדערט. דזוו
אַוועקשליאָנדערן ←.
אַוועקשלעפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַוועקשלעפּן. די אַ, פֿון די
סאַבינערינס.
אַוועקשלעפּן — טרוו. שלעפּ אַוועק, ~
געשלעפּט. 1. אַוועקציִען פֿון איין אָרט אויפֿן
אַנדערן; אַוועקטראָגן מיט אָנשטרענגונג פֿון
כּוחות. אַ אַ שווערן קאַסטן, פּאַק. „זי האָט

,

פֿאַרפֿאַקט דאָס קוישל און אַליין עס

אַוועקגעשלעפּט אין אַ ווינקל,,, דעמבלין, צוויי און דריטער. 2. איבערגוואַלד אַוועקנעמען פֿון אַן אָרט (ציִענדיק איבער עפּעס). אַ, דאָס קינו פֿון פֿײַער. ,,אַ גוטן שלעפּן די הינט אַוועק", שוו. ,,אַז מע לייגט זיך אין קלײַען, שלעפּן אַוועק די חזירים", שוו. ,,אַ ווילד שטיקל גראָז וואָס וואַקסט בײַ די פּיס — דאָס שלעפּן די בוואַליעס מיט נצחון אַוועק!", פּרץ, 'וועגן ישובֿ ארץ־ישׂראל,.

3. אַוועקרײַסן, אַוועקכאַפּן; צונעמען פֿאַר זיך; אַוועקגנבֿענען. ,,ווי איר זעט, שלעפּט ער זיך מיר נאָך מיטן קויש און שלעפּט אַוועק בײַ מיר אַלע קונים, שלעפּן זאָל מען אים די ציין פֿון מויל", שע, 'קאָנקורענטן'. ,,די ווײַסע־חבֿרהניקעס גנבֿענען זיך אונטער אַלע מאָל...ווילן אַ, אַ לעקעכל פֿונעם טיש", שע, 'צוויי שלח־מנותן'.

אַוועקשלעפּן זיך —אוטוו. ← דפּוו. 1.

אַוועקגיין פּאַמעלעך, מיט שווערע טריט. ,,דער זקן שלעפּט זיך אַוועק אין בית־מדרש". 2. אַוועקגיין, אַוועקפֿאָרן ווײַט, פּאַמעלעך, און דערבײַ האָבן שוועריקייטן. ,,נעמען ייִדעלעך און רירן

זיך פֿון אָרט. אַ טייל שלעפּן זיך אַוועק ווײַט אין עק וועלט“, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'.

3. אַוועקגיין און דערבײַ אַוועקטראָגן עפּעס. זיך אַ, מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס. ,,אין גאָר אַפּיצל האָטר ניט מוט צוטראָגן פֿון זיין האָריוואַניע, וואָס ער זאָל זיך אַוועק שלעפּן דערמיט“, מס, קהלת, ה, 14. 4. אַוועקגיין איבּער די הײַזער, בּעטלען. ,,אָפּגעבּרענט ...גאַנץ קאַבּצאַנסק האָט זיך אַוועקגעשלעפּט“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. 5. סתּם אַרומטרײַבּן זיך. אַ, זיך מיט שלעכטע חבֿרים.

6. לאַנג געדויערן, זיך ציִען איבּעריקע צײַט. ,,דער ווינטער שלעפּט זיך אַוועק העט אין ניסן אַרײַן,,. ,,וואָרן אַזוי אַ זאַך קען זיך אַמאָל אַ אַ צײַט, איידער מע קומט אַמאָל

,

איבּער הונדערט יאָר צו אַ סוף“, עט, סערקעלע.

אַוועקשלעפּעכץ — דאָס (די), ־ן. 1. אַקט, אופֿן פֿון אַוועקשלעפּן. 2. דאָס וואָס ווערט

אַוועקגעשלעפּט.
אַוועקשלעפּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשלעפּן (זיך).
אַוועקשלעפּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שלעפּט אַוועק. „קיין גנבֿטע איז זי
חלילה ניט, נאָר אַזוי אַן אַ'קע“.
אַוועקשמאָטשקען — טרוו. ־קע אַוועק,
~געשמאָטשקעט. אַ לענגערע צײַט
אויסקײַען, אויסזייגן דאָס זאַפֿטיקע. אַ, די
מאַרכבֿיינער. פֿרגל ~סמאָטשקען.
אַוועקשמאָטשקען זיך — קזוו. ← דפֿוו. זיך
קושן אַ לענגערע צײַט. גראָבֿ.
אַוועקשמאַכטן — אוטוו. ־כט אַוועק, ~
געשמאַכט. אויף אַ לענגערער צײַט אָדער אין
אַ גרויסער מאָס פֿאַרלירן כּוחות (פֿון
באַגערן, בענקען נאָך עפּעס, אויך פֿון הונגער
־ אָדער דאָרשט). אַ, נאָך אַ טרונק וואַסער; אַ,
נאָך אַ וואָרט פֿון טרייסט. אַ, אין תּפֿיסה.
אַוועקשמאַרצן — אוטוו. שמאַרץ אַוועק,
~געשמאַרצט. 1. אָנהייבן ווײ טאָן מיט אַ
בײַסיקן, ברעניקן ווייטיק. 2. שמאַרצן אַ
לענגערע צײַט. די וואונד האָט
אַוועקגעשמאַרצט די גאַנצע נאַכט און ניט געלאָזט
שלאָפֿן.

אַוועקשמדן — [...שמאַדן] טרוו. שמד אַוועק, ~געשמדט. דזוו שמדן, נאָר עמפֿאַטישער, מיט בײַטעם פֿון לעצטגילטיקייט. זיך אַליין שמדן און אַ, די אייגענע קינדער. מיט ז י ך. „דײַן קינד זאָל געווען חלילה שטאַרבן אָדער אַ, זיך, וואָלט געווען בעסער?„, שע, דאָס גרויסע געווינס.

אַוועקשמוגלען — טרוו. ־גל אַוועק, ~ געשמוגלט. אַוועקפֿירן קאָנטראַבאַנד;

אַוועקנעמען עפּעס וואָס געפֿינט זיך אונטער השגחה (פּראָטעקציע) פֿון געזעץ, נאָרמעס. אַ, אויסלענדישן ווײַן.

אַוועקשמועס — דער, ־ן. געדויערדיקער שמועס; שמועס וואָס גייט אַוועק אויף זײַטי׳ע ענינים.

אַוועקשמועסן — אוטוו. ־עס אַוועק, ~גע. שמועסט. שמועסן אַ לענגערע צײַט. אַ, ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַ, אין בית־המדרש דעם גאַנצן בין־מנחה־למעריבֿ [אַקוז פֿון צײַט].

אַוועקשמועסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו אַוועקשמועסן, נאָר מיט בײַטעם פֿון הנאה, געלאַסנקייט. „כלעבן, מע קאָן זיך פֿאַרגעסן בײַ אַזאַ שמועס, מע זאָל זיך אַ, אָן אַ שטייגער און מע זאָל גאָרנישט אין [זינען] האָבן

צו גיין עסן“, טעיאַטאָר.
אַוועקשמוציקן — טרוו. ־ציק אַוועק, ~
געשמוציקט. אינגאַנצן, ביזן סוף שמוציק מאַכן.
אַ, די הענטלעך און דאָס פּנימל.
אַוועקשמידן — טרוו. שמיד אַוועק, ~
געשמידט. 1. שמידן אַ לענגערע צײַט.
2. באַזײַטיקן דורך שמידן. אַ, די קרומקייטן
פֿון דעם אײַזערנעם שטאַנג.
אַוועקשמייכלען — אוטוו. ־כל אַוועק, ~
געשמייכלט. 1. דזוו אויסשמייכלען ←.
2. שמייכלען אַ לענגערע צײַט.
אַוועקשמײַסן — אוטוו. שמײַס אַוועק, ~
געשמיסן. גיך אַוועקפֿאָרן [לכתּחילה פֿאַרבונI..ן

אַוועקשמעקן

מיט אָנהייבן שמײַסן די פֿערד, זיי זאָלן
לויפֿן]. „דער מחותּן האָט נאָך...גאַנץ פֿרי
אַהין מיט זײַן פֿור אַוועקגעשמיסן“, בערג,
נאָך אַלעמען I. „איך האָב געציטערט אַז זי
זאָל זיך ניט אַרײַנכאַפּן אין פּאָיעזד און אַ,
צו אײַך„, בריוו.
טרוו — 1. שמײַסן (מיט אַ בײַטש, רוט אע)
אַ לענגערע צײַט. אַ, דעם בחור ביז צו

בּרמצווה. 2. אַוועקוואַרפֿן [אין לד נ]. ,,דער
בּן־אָדם זאַל איבּריגה זאריג אַוועק שמײַסן“,
עיון, 1/19. ,,האָט ער די שטיוועלעך בּײַ זײַן
חבֿר צוגענומען, נאָר ער האָט זיי בּאַלד געגעבּן
א שמײַס אַוועק פֿון זיך מיט כּעס“, שע
פֿו— — ,
נעס יאַריד I. ,,...כאַפּט זיך אויף די טאָכטער
און שמײַסט אַוועק אָן אַ זײַט די
פּאַסיאַנסקאָרטן“, בּערג, בּײַם דניעפּער II. *אַ, ווי
הושענות נאָכן לעצטן קול־מבֿשׂר.
אַוועקשמייסעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשמײַסן.
אַוועקשמינקען (זיך) — טרוו. ־קע אַוועק,
(זיך) ~געשמינקעט. 1. פֿאַרבּן (זיך), שמינקען
(זיך) אַ לענגערע צײַט. 2. מיט שמינקע
בּאַזײַטיקן עפּעס (געווײנטלעך אַ דעפֿעקט). אַ, די
טיפּע קנייטשן.
אַוועקשמיצן — טרוו. שמיץ אַוועק, ~
געשמיצט. אַוועקוואַרפֿן (מיט אימפּעט, כּעס);
אַוועקשלײַדערן. [אין לד נבֿ].
אַוועקשמירן — טרוו. שמיר אַוועק, ~
געשמירט. 1. שמירן אַ לענגערע צײַט. אַ,
אַלע ווענט פֿון דער שטובּ. אַ, בּלעכן מיט

פֿעטס. 2. באַזײַטיקן עפּעס דורך שמירן, פֿאַרשמירן. אַ, די פֿלעקן פֿון דער וואַנט.
3. אונטערקויפֿן. אַ, די טשינאָווניקעס.
אַוועקשמירעכץ — דאָס (די), ־ן.
אַוועקשמירונג, אַוועקשמירעניש (מיט בײַטעם פֿון ביטול).
אַוועקשמירעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אַוועקשמירן.
אַוועקשמעטערן — ־ער אַוועק, ~
געשמעטערט. דזוו אויסשמעטערן ←.
אַוועקשמעלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקשמעלצן.
אַוועקשמעלצן — אוטוו. שמעלץ אַוועק, ~געשמאָלצן. אויך מיט ז י ך. 1.
אינגאַנצן צעגיין פֿון היץ; צעלאָזן זיך. די ליכטלעך שמעלצן אַוועק. אַזאַ חמימה אַז מע קען אַ'. 2. זײַן אין פּראָצעס פֿון אויסשמעלצן זיך אַ לענגערע צײַט.
טרוו — 1. באַזײַטיקן עפּעס דורך שמעלצן. אַ, בלײַענע צויטן. 2. אַ לענגערע צײַט אויסשמעלצן (עפּעס פֿון אַ מעטאַל אָדער דעם מעטאַל גופֿא אָדער בנוגע אַנדערע שטאָפֿן וואָס צעגייען אין היץ).
אַוועקשמען — [...שעמען] אנטוו. שם אַוועק,

~געשמט. האָבן, קריגן אַ שם ווײַט און ברייט; ווערן באַוואוסט צום גוטן.

אַוועקשמעקן — שמעק אַוועק, ~געשמעקט. אוטוו — 1. אָנהייבן אָדער אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן אַ ריח [געווייינטלעך אַ גוטן, אָבער אייפּעמיסטיש אויך אַ שלעכטן]. אַ, מיט עפּל, סאָסנע־ביימער, פּאַרפֿומען; אַ, ווי אַ טכויר. 2. ווײַט פֿאַרשפּרייטן אַ ריח. „דאָס אָנגעבּרענטע שמעקט אַוועק איבּערן גאָנצן

אַוועקשנאָרכ(ע)ן

הויז„. טרוו — 1. אַרײַננעמען אין זיך ריח. „דער שפּירהונט שמעקט אַוועק די זאַכן, דעם מלבּוש, און לויפּט אין אַ נײַער ריכטונג“. 2. פֿאַרטרײַבּן שלעכטן ריח מיט אַ גוטן. אַ, אַ געשטאַנק מיטן אויסשפּריצן אָדעקאָלאָן.

אַוועקשנאָרכ(ע)ן — אוטוו. ־רכ(ע) אַוועק. ~געשנאָרכ(ע)ט. 1. אָנהייבּן (שטיל) כראָפּען. 2. שנאָרכ(ע)ן אַ לענגערע צײַט. אַ, די גאַנצע נאַכט.

אַוועקשנאָר(ע)ן — טרוו. שנאָר(ע) אַוועק, ~געשנאָר(ע)ט. אַוועקנעמען דורך

שנאָרערײַ, אויסבעטלען. אַ, נאָך אַ גאַנץ גוטן מאַנטל.
אַוועקשניידונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
--
רעזולטאַט פֿון אַוועקשנײַדן.
אַוועקשניידן — טרוו. שנײַד אַוועק, ~
געַ־־
שניטן. 1. באַזײַטיקן דורך שנײַדן,
אָפּשנײַדן. אַ, די פּאָלעס; אַ, אַ צוויי צאָל. 2. דזוו
שנײַדן, נאָר עמפּאַטישער. אַ, די סחורות אויף
העלפֿט. 3. שנײַדן אַ לענגערע צײַט. אַ,
פֿאַפּירלעך אפֿשר אַ שעה צײַט. 4. אַוועקנעמען.
אַוועקשניידעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקער אָבער ניט־געראָטענער) פּראָצעס פֿון
אַוועקשנײַדן.
אַוועקשנייען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. שנייט
אַוועק, ~געשנייט. שנייען אַ לענגערע צײַט.
עס קען אַזוי אַ, עטלעכע מעת־לעת.
אַוועקשנייצן — טרוו. שנײַץ אַוועק, ~

געשנײַצט. באַזײַטיקן עפּעס (וואָס איז דאָ אין
נאָז) דורך אַרויסבלאָזן. אַ, די באָ(ב)קעס פֿון
נאַז, דעם שמעקטאַבעק.
אַוועקשניפּן — טרוו. שניפּ אַוועק, ~

געשניפּט. אַוועקכאַפּן. „...ווײל דאָס טײַבעלע... אַראָפּגנבֿענען פֿון שלח־מנות, א אַ קיכל בײַ
,

דער שמשׂטע“, פּרץ, 'דער משוגענער בטלן,.
אַוועקשניצן — טרוו. שניץ אַוועק, ~
געשניצט. 1. אַוועקשנײַדן מיט אַ מעסער אָדער אַן אַנדער שאַרפֿן מכשיר. אַ, קאָרע, די סוקעס.
2. שניצן אַ לענגערע צײַט. אַ, ביז מע צעבלוטיקט זיך די פֿינגער.
אַוועקשנעלן — טרוו. שנעל אַוועק, ~
געשנעלט. אַוועקיאָגן, אַוועקקלאַפּן מיט אַ שנעל. א אַ מוק וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף
,

דער האַנט.
אַוועקשעכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקשעכטן. אַ בלוטיקע אַ'.
אַוועקשעכטן — טרוו. שעכט אַוועק, ~
געשאָכטן (אויך: ~געשעכט). 1. אַוועקקוילען. אַ, די עופֿות. “ייִדן אַליין מוזן אַ, דעם
יצרהרע“, ייִט, טאָג 2 .10 1961 I. אַוועקהרגע

נען, אויסמאָרדן (מיט אַ מעסער, חלף אָדער
בכלל אויף אַ רוצחישן אופֿן). אַ, די געפֿאַנגענע.
‟רוצחים האָבן אַוועקגעשאָכטן די גאַנצע משפּ.
חה פֿון דעם קרעטשמער“. *אַ, אָן אַ מעסער.
אַוועקשעכטעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראַצעס פֿון אַוועקשעכטן. אַן
אויסקוילעניש, אַן אַ'.
אַוועקשעלטן — טרוו. שעלט אַוועק, ~
געשאָלטן. דזוו אויסשעלטן ←; שעלטן אַ
לענגערע צײַט. אַ, עמעצן מיט טויטע קללות.
אַוועקשעלטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקשעלטן.

122

אַוועקשעמען זיך — אוטוו. שעם זיך אַוועק,
זיך ~געשעמט. זיך שעמען לענגער ווי
געוויינטלעך (אויך אין פֿאַלן וואו געוויינטלעך
שעמט מען זיך ניט). זיך אַ, פֿאַרן מאַן אויך
יאָרן נאָך דער חתונה.
אַוועקשענקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
פּראָצעס פֿון אַוועקשענקען; מתּנה (איר▯
פּעיאָ).
אַוועקשענקען — טרוו. שענק אַוועק, ~

געשענקט, ~געשאָנקען. 1. אַוועקגעבן ווי אַ
מתּנה. „...דער מלך האָט איינעם
אַוועקגעשענקט די שיף“, נחב, 'מעשׂה ממלך וקיסר'.
„זאָל ער די כּלי אַ, צו אַן עובֿד־כּוכבֿים איבער
שבת...„ לט2, 2/69. „האָסט צו שנעל
אַוועקגעשאָנקען מיר די אוצרות פֿונעם גליק„,
יהואָש, בלומען און דערנער. 2. מפֿקיר זײַן;
אָפּגעבן וויכטיקס, טײַערס (דאָס לעבן, דאָס
גליק אע). „...ווער דאש יוא זאָגט, טוט ער זיין
לעבן אַוועק שענקן אונ ווערט אין איין קורצי
צײַט ביקלאגט“, עיון, 2/28. „זי האָט איר
גאַנץ לעבן אַוועקגעשענקט מאירלען“, שע,
'טײַבעלע'. אַ, דאָס לעבן פֿאַר עפּעס. *זײַן
גוטסקייט (גוטהאַרציקייט, איידלקייט אע)
קען מען אַ, צו אַ קלויסטער = ער האָט ניט
אַדער האַט אין אַ נישטיקער מאָס אָט די
אייגנשאַפֿטן.

אַוועקשענקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אַוועקשענקען.

אַוועקשעפּטשען — טרוו. ־טשע אַוועק,
~געשעפּטשעט. 1. אָנהייבן ריידן שטיל, אָן
אַ קלאַנגען־טאָן. 2. שעפּטשען אַ לענגערע
צײַט.

אַוועקשעפּן — טרוו. שעפּ אַוועק, ~געשעפּט.

אַוועקנעמען, באַזײַטיקן איבעריקע פֿליסיקייט מיט אַ כּלי (קענדל, עמער, לעפֿל אאַ). אַ, דאָס וואַסער פֿון טונכל פֿעטס פֿון זופּ.

אַוועקשערן — טרוו. שער אַוועק, ~געשאָרן (אויך: ~געשערט). 1. באַזײַטיקן דורך אָפּשערן, אַוועקשנײַדן מיט אַ שער. אַ, צויטן. 2. שנײַדן מיט אַ שער אַ לענגערע צײַט. אַ, וואָל פֿון די שעפֿעלעך. 3. מיטאַמאָל, אומגעריכט אַפּשערן. אַ, דאָס בערדל.

אַוועקשפּאָטן — אוטוו. שפּאָט אַוועק, ~ געשפּאָט. אָפּלאַכן, אָפּשפּאָטן אַ לענגערע צײַט, אָן אויפֿהער. אַ, פֿון דעם לאַ־יוצלח.

אַוועקשפּאַלטן — טרוו. שפּאַלט אַוועק, ~ געשפּאָלטן. לעצטגילטיק (צע)שפּאַלטן; באַזײַטיקן אַ טייל. אַ, אַ גרופּע, פּאַרטיי, באַוועגונג. אַ אַ קאָפּ, אַ קלאָץ.

אַוועקשפּאַלטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אָפּטיילן, זיך אָפּרײַסן פֿון עפּעס. אַ, זיך פֿון דער משפּחה, דער גרופּע, פּאַרטיי.

אַוועקשפּאַן — דער, ־ען. אַקט פֿון אַוועקשפּאַנען אַוועקגאַנג; איבעררײַס מיטן פֿר-

ערדיקן. דער ריזיקאַלישער אַ, פֿון יונגן דור.
אַוועקשפּאַנען — אוטוו. שפּאַן אַוועק, ~
געשפּאַנט. 1. אַוועקגיין (מיט גרויסע אָדער
גיכע טריט). ,,...אַוועקגעשפּאַנט, די הענט
אונטערן פּידזשאַק און דעם קאָפּ...פֿאָרויס“,
בערג, אַרוט וואָקזאַל. ,,...אַ ברום געטאָן און
אַוועקגעשפּאַנט מיטן טראָט פֿון אַן איינזאַמער
חיה,,, חג, ישיבֿה. 2. מיטאַמאָל אָנהייבן (

וויאַוועקשפּײעניש

דער) גיין. ,,ער האָט מיט יאוש
אַוועקגעשפּאַנט איבערן צימער“, בערג, אָפּגאַנג. ,,איך
הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק
ווײַטער“, הל, 'אייביק,. 3. שפּאַנען, גיין אַ
לענגערע צײַט. אַ, עטלעכע מײַל. 4.
דערווײַטערן זיך, אָפּטיילן זיך. ,,אין דער גיכער
אָפּפֿרעמדונג, אין דעם אַ, פֿון טאַטע־מאַמע...“,
יג, תּוך II.
אַוועקשפּאַסן — שפּאַס אַוועק, ~געשפּאַסט.
אוטוו — שפּאַסן פֿון עמעצן אַ לענגערע צײַט.
טרוו — צו נישט מאַכן. פֿאַרטרײַבן אָדער
פֿאַר— ▯

שטעלן מיט אַווערטל, וויץ, חכמהלע עפּעס
וואָס איז ערנסט, וואָס דריקט. אַ, די זאָרג, דעם
וויכטיקן ענין.
אַוועקשפּאַצירן — אוטוו. ־ציר אַוועק,
~(גע)שפּאַצירט. 1. אַוועקגיין אַ גרעסערן
מהלך שפּאַצירנדיק. מיט די הענט פֿאַרלייגט
אויפֿן רוקן, פּאַמעלעך אַ, ביז עק שטאָט.
2. אַרויסלאָזן זיך אויף אַ שפּאַציר. אַ, מיט
אַ חבֿר, ווי נאָר דער טאַטע לייגט זיך שלאָפֿן
נאָכן טשאָלנט.
אַוועקשפּאַצירעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אַוועקשפּאַצירן (אויך מיט בײַטעם
פֿון ביטול, חוזק).
אַוועקשפּאַרן — טרוו. שפּאַר אַוועק, ~
געשפּאַרט. אַוועקרוקן, אַוועקשטופּן מיטן כּוח
פֿון קערפּער (פּלייצעס, הענט). „אַ גיבור: ער
שפּאַרט אַוועק אַ וואַנט און שפּאַרט זיך אויס
מיט אַלעמען“, רייד.
אַוועקשפּאַרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אַ לענגערע צײַט אַמפּערן זיך מיט עמעצן
וועגן עפּעס. אײַנטענהן מיט עמעצן. *אַ,
זיך וועגן אַ קוצו של יוד = וועגן אַ
קלייניקייט. 2. מיט אָנשטרענגונג אַוועקגיין פֿון
(דערגיין צו) אַן אָרט. „זי שפּרינגט אַראָפּ

פֿון בעט, שפּאַרט זיך אַוועק צו דער טיר, ווי זי וואָלט געדאַרפֿט...", שעליובֿסקי, אין דער וועלט אַרײַן.

אַוועקשפּאַרעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אַוועקשפּאַרן (זיך). אַן אַ, און אַן אַמפּערניש, ביז מע רופֿט עסן.

אַוועקשפּיגלען — אוטוו. ־גל אַוועק, ~ געשפּיגלט. פֿטמ. שײַנען, גלאַנצן; זײַן ריין ווי אַ שפּיגל. „אַזאַ בריה! וואָס זי וואַשט אויס שפּיגלט עס אַוועק!", רייד.

אַוועקשפּיגלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ לענגערע צײַט שטיין פֿאַר אַ שפּיגל, זיך חנדלען פֿאַר זיך אַליין. 2. דזוו שפּיגלען זיך, צאַצקען זיך, זיך האַלטן גרויס מיט עפּעס. אַ, זיך אין די געראָטענע קינדער פֿטמ.

,

אַוועקשפּיי — דער, ־ען. אַקט פֿון אַוועק־־
שפּײַען.

אַוועקשפּייכלערן — טרוו. ־לער אַוועק, --
~געשפּײַכלערט. אַוועקנעמען פֿון אַן אָרט און אַרײַנלייגן אין שפּײַכלער. אַ, תּבֿואה, ביז דער פּרײַז וועט שטײַגן.

אַוועקשפּייען — טרוו. שפּײַ אַוועק, ~

געשפּיגן, ~געשפּײַט. 1. דזוו אויסשפּײַען ←.
2. שפּײַען ווײַט, אין אַ זײַט. אַ, דעם
געקײַטן טאַבעק.
אַוועקשפּייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
־ ▯
פֿון אַוועקשפּײַעניש. אַן אויסכראַקעניש, אַן אַ'.

אַוועקשפּילן

אַוועקשפּילן — שפּיל אַוועק, ~געשפּילט.
אַקוזוו — שפּילן אַ לענגערע צײַט. אַ,
אַ פּרעפֿעראַנס. ,,קענען זיי אַ אַזוי אַ גאַנצע
,
נאַכט“, שע, 'עצה'. טרוו — 1. שפּילן גיך.
אַ אַ מאַרש. 2. פֿאַרלירן פֿאַרשפּילן. אַ,
, ,
דאָס לעבן. 3. פֿאַרטרײַבן עפּעס וואָס
דריקט דורך שפּיל(ערײַ). מע דאַרף קענען
א, אַן עגמת־נפֿש. אַ אַ (זײַן) קאָרט =
, .

ניט גענוג גוט אויסניצן אַ קאָרט אָדער בכלל
אַ סיטואַציע.
אַוועקשפּילן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
1. שפּילן זיך אַ לענגערע צײַט. „די קינדער
קענען זיך אַזוי אַ, גאַנצע שעהן“. 2. זיך
צערטלען, זיך האָליובען. זיך אַ, ווי אין דער
קושוואָך.
אַוועקשפּינען — טרוו. שפּין אַוועק, ~
געשפּונען (אויך: ~געשפּינט) ▯ שפּינען אַ
לענגערע צײַט. אַ, גאַנצע נעכט. אַ, חלומות.
— דזוו אַוועקשפּאָטן. פּר. פּאָד.
ירן — טרוו. ־ליר אַוועק,
~(גע)שפּעקולירט. 1. ניט נעמען אין
באַטראַכט עפּעס בײַם ספּעקולירן, קאָמבינירן. אַ,
דעם רווח. 2. פֿאַרלירן דורך
ספּעקולאַציע(ס). אַ, דאָס העמד פֿון לײַב.
אַוועקשפּראָצן — שפּראָץ אַוועק, ~
געשפּראָצט. אוטוו — 1. אָנהייבן שפּראָצן.
„עס איז וואַרעם געוואָרן און עס האָט
אַוועקגעשפּראָצט דאָס גראָז„. 2. שפּראָצן לענגער
ווי געוויינטלעך. טרוו — אַרויסברענגען
שפּראָצונג(ען). „די גוטע ערד שפּראָצט אַוועק
די ערשטע דינע גרעזעלעך„.

אַװעקשפּרונג — דער, ־ען. דרייזין. שפּרונג אין אַ זײַט, װײַטער שפּרונג.
אַװעקשפּרייזן — אוטוו. שפּרײַז אַװעק,
-
~געשפּרײַזט. אַװעקגיין מיט גרויסע טריט;
אַװעקשפּאַנען. „האָט אַװעקגעשפּרײַ◻ט צום װאַלד צו, יעדער שפּרײַז אַ מײַל אַ גאַנצער", יהואָש, הײַאַװאַטאַ.
אַװעקשפּרייטן — טרוו. שפּרייט אַװעק, ~געשפּרייט. דזוו אויסשפּרייטן ←. פֿטמ. אַ, אַ טישטעך איבּערן טיש.
אַװעקשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אַװעק, האָבּ & בּין ~געשפּרונגען. 1 פֿאַרלאָזן אַן
.
אָרט, דערװײַטערן זיך מיט אַ שפּרונג, שפּרינגענדיק. „דער קראָליק איז פֿון װעג אַװעקגעשפּרונגען„, יהואָש, הײַאַװואטאַ. אַ, װי פֿון פֿײַער פֿון אַ סכּנה פֿון אַ שלאַנג אאַ.
◻ ,
2. אַװעקלויפֿן גיך, אין אײַלעניש. אַ, אַהינצוצו אין איינע צען מינוט. 3. שפּרינגען אַ לענגערע צײַט. אַ, אויף איין פֿיסל אפֿשר צען מינוט.
אַװעקשפּרינגעניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אַוועקשפּרינגען.

אַוועקשפּריצן טרוו. שפּריץ אַוועק, ~
געשפּריצט. באַזײַטיקן דורך שפּריצן. אַ, די ערשטע טראָפּנס מילך.

אַוועקשקראָבען — דזוו אַוועקסקראַבען ←.

אַוועקשרויסן — טרוו. שרויף אַוועק, ~ געשרויפֿט. אַוועקדרייען אַ שרויף, שרײַפֿלעך. אַרויסדרייען שרויפֿן.

אַוועקשרייבן — טרוו־ שרײַב אַוועק, ~

געשריבן. 1. דזוו שרײַבן, נאָר עמפֿאַטישער

מיט דעם בײַטעם פֿון לעצטגילטיקייט. אַ, דעם גאַנצן אמת. 2. שרײַבן און אַוועקשיקן דאָס געשריבענע. אַ, עמעצן וואָס דאָ קומט פֿאָר.
3. שרײַבן אַ לענגערע צײַט. אַ, ביז שפּעט אין אָוונט, צען זײַטלעך. „שרײַבן שרײַבט ער עס אַוועק אַן ערך פֿון 9 חדשים (תשעה ירחי לידה)“, דלוגאַטש, וועלט־מסורה, וואַרשע 1881.

4. ניט אַרײַנרעכענען. אַ, דעם היזק. (וועגן
אַ חובֿ) אָפּמעקן, אָפּווישן. אַ, ד אַלטע חובֿות.
ְ

5. שרײַבן גיך, ניט גענוג גוט. אַ, און אַראָפּ
פֿון מאַרק!
אַוועקשרײבעכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
־

אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקשרײַבן בריוו; צעטל,
נאָטיץ. פּעיאָ.
אַוועקשרײבעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָ־־
צעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַוועקשרײַבן (אויך
בײַטעם פֿון ביטול).
אַוועקשרײַען — שרײַ אַוועק, ~געשריגן,
~געשריִען. אוטוו — 1. אָנהײבן
מיטאַמאָל צו שרײַען, אויפֿשרײַען. אַ, פֿון ווייטיק.
2. שרײַען אַ לענגערע צײַט. אַ, די גאַנצע
צײַט פֿון די ווייען. טרוו — 1.
באַזײַטיקן עפּעס, דערשטיקן דורך שרײַען.
אַ, די ווייטיקן. 2 פֿאַריאָגן דורך שרײַען.

.
,,אַז מע פֿלעגט באַפֿאַלן איין הויף,
פֿלעגט די גאַנצע גאַס נעמען שרײַען. אַזוי
האָבן מיר אַוועקגעשריִען די

פּאָגראָמשטשיקעס“, רייד.
אַוועקשרעקן — טרוו. שרעק אַוועק, ~
גערשראָקן. דערוויטערן פֿאַרטרייַבן דורך
אָנ,
שרעקן. אַ, די ווילדע חיות מיט פֿײַער.
אַוועקשרעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
שרעקן אַ לענגערע צײַט. אַ, זיך פֿאַר אַ הונט,
אַ שייגעץ; אַ, זיך פֿאַרן געזונט פֿון די
קינדער.
אוועקשׂרפֿענען — [...סאַרפֿענען] טרוו שׂרפֿע
—
.
(שׂרפֿן) אַוועק, ~געשׂרפֿעט (~געשׂרפֿנט).
אַוועקבּרענען. אַ, מיט דִי אויגן.
אַוועקתּכלעווען — [...טאַ'כלעווען] טרוו.
תּכלעווע אַוועק, ~געתכלעוועט. פֿאַרתּכלעווען,
אינגאַנצן אויסבּרענגען אָדער קאַליע מאַכן. אַ,
אַ סך געלט. אַזאַ חבֿרה קען אים נאָך אַ'.
אַוועֹ'ר — דזוו ווער פֿטמ (ספּעצ אין
איינוואָר,
טיקן פֿרעגזאַץ: אַוועֹר?). „טוט זיך דאָס
רייפֿעלע אַ קער...אַ גילדן סמכל אַוועֹ'ר“, אשט,
מײַסעלעך.
אַוועֹר — דער. מצ נבֿ. דזוו אַוויר ←.
אָוועראָ — דער, ־ס. שפּא (אין לשון פֿון

קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע). ווײַס פֿערד מיט שוואַרצע פֿלעקן.

אַווערראָאיזם — דער. לערע פֿון אַראַבישן פֿילאָסאָף אַווערראָעס, אבן רשד אַבול (12. יה). [אין אַלע נשמות ווירקט אַן איינהייטלעכער שׂכל המין: אינדיווידועלע אומשטאַרבלעכקייט איז ניט פֿאַראַן.]

אָ'וועראָלס — די. בלויז מצ. אַמ. ־over: <
a11s. אַרבעטס־הויזן [פּראָדוצירט פֿון ביליקן און שטאַרקן שטאָף, דערגרייכן ביז איבער דער ברוסט, מיט פּאַסן איבער די אַקסלען; ווערן געטראָגן איבער די בגדים].

אָ'ווערהעד — דער. בלויז אצ. אַמ. ־over: <
head. אַלגעמיינע, שטענדיקע הוצאות בײַ אַ

אָוורוטש

געשעפֿט, אונטערנעמונג (דירה, באַהייצונג, באַלײַכטונג, אומפֿאַרמײַדלעכע הוצאות פֿאַר אַרבעט אאַזוו). „די לייזונג איז ניט שלעכט, אָבער דער אָ, עסט אַלץ אויף“.

אָ'ווערטיים — די. מצ נב. אַמ. 1. צײַט
-
פֿון אַרבעט נאָך דעם אײַנגעשטעלטן

אַרבעטסטאָג; איבערשעה(ן). אַרבעטן אַ שעה אָ'. „ער איז נאָך נישט געקומען פֿון דער אַרבעט? — ער אַרבעט געוויס אָ'“, אָפּאַ, לינטשערײַ. 2. די אַרבעט גופֿא נאָכן אײַנגעשטעלטן אַרבעטסטאָג. קריגן פֿאַר אָ, טאָפּלט. אַרבעטן אָ, = אויך: פּטרן ענערגיע אומנוציק. *שפּילן אָ, (אַקטיאָריש) = איבערשפּילן אַ ראָלע, מעלאָדראַמאַטעווען.

אַ'ווערטע — די, ־ס. < חבֿרטע. לר. (ווילקאָ. מיר און אומג'). חבֿרטע, פֿרײַגדין (געוויינטלעך פּעיאָ) [בינדט זיך מיט אַווירן ←]. „מע קען ניט אַרײַן אין צימער, אַ גאַנצן אָוונט דאָ אָפּגעווען דײַנע אַ'ס“.

אַ'ווערן — אוטוו. אַווער, געאַווערט. דזוו אַווירן ←. „איז אַ חזיר אינעם שמוץ און אַווערט שווער“, מל, 'חיות'.

אָווערן — גנ. אַרכ. אַלואירנה. אַמאָליקע אומאָפּהענגיקע פּראָווינץ אין דרום־מזרח פֿראַנקרײַך, הײַנט אײַנגעטיילט אין די צוויי דע. פּאַרטעמענטן: קאַנטאַל און פּי־דע־דאָם. אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער פּראָווינץ קלערמאָנפֿעראַן (אין ייִדישע מקורים: קלאַראַמונטי) זאָלן ייִדן האָבן געלעבט שוין אין 3. יה. אין צענטער פֿון דער שטאָט געפֿינט זיך ביז

אויף הײַנט אַ שטיין מיט דער אײַנגעקריצטער אויפֿשריפֿט rum u(lae ontem]. ('צום ייִדישן ברונעם').

אָווערקאָ(ו)ט, ־קויט — דער, ־ס. אַמ. overcoat: > . אייבערמאַנטל, אייבערראָק, פּאַלטן. „ווי געפֿעלט דיר מײַן נײַ אָווערקויטל?„.

אַוועשאָלעם — דזוו עליו השלום [אָלעוו האשאָלעם]. פֿאַרגרײַזטע פֿאָרעם פֿון אַרויסרעדן.

אָווצעוואָ'ד — דער, ־ן. רוסיצ. סאָוו. דער וואָס פֿירט אָדער איז געניט אין שאָפֿן־ווירטשאַפֿט. „ס'איז געקומען אַן אָ, און די שעפּסן־ווירטשאַפֿט האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים“. ־סטווע — די. שעפּסן־האָדעוואַניע.

אַוואַ־יע, אָוואַ־יע פֿטמ. דזוו והא ראַיה

[ווייהאָראַ'יע]. „אַ', ווי נאָר עס גייט אויף אין דער הייך דער מינדסטער שײַן פֿון אַ שטערן, וואָיען זיי“, מלה, 'באלאַדע פֿון קאַשטאַכאַן'.

אַווראַ'ל — דער, ־ן. סאָוו. > רוס > ענ: over all. אײַליקע אַרבעט פֿון אַ גאַנצער גרופּע,

מאַנשאַפֿט, קאָמאַנדע. אַן אַ, בּ אַן
אומגליקי

פֿאַל, בּײַ אַ גערעטעניש. "אַלע גייען צום
אַוראַל", א. כאריק.
אָוורוטש (אַוורי'טש) — גג. שטעטל אין
אוקראַאינע, קיִעווער קרײַז. 7,393 — 1897
אײַנוו, פֿון זיי 3,445 ייִדן, 3,400 — 1926 ייִדן.
[אין צווייטער העלפֿט 19. יה האָט אין אָ,
געלעבּט דער מנהיג פֿון חבּדער חסידות ר,
יוסף־יצחק שניאורסאָן].

אַוורעמל .

אַוורעמל, אַוורעמעלע — מענלעכער
נאָמען. פֿקפֿ פֿון אַבֿרהם ←. „אַבֿרהמעלע
מלמד..."‚ פֿל. אַוורעמטשיק,
אַוראָמטשע.
אָוושאַנע — אַדי. < פויל. וואָס איז געמאַכט
פֿון האָבּער. „...קאָן זיך שוין פֿאַרגינען...אַ
בּוטעלע אָ, בּיר„, אַ. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ,
וואַרשע 1898.

אָוושאַנקע — די, ־ס. < פויל, רוס. אויך: אָווסיאַנ'קע. האָבערגריץ, קאַשע, זופּ פֿון האָבערגרויפּן. האָבער־קרופּניק. עסן אָ, מיט פּוטער און מילך. „מע שטעלט צו געמאָלענעם האָבערגריץ (אָוושיאַנקע) אין יויך אָדער אין וואַסער מיט אַ ביסל זאַלץ אויף וויי שעה...“, ב. שאַפּראַן, ייִדישע קוך, וואַרשע 1930.

אַוות־נסש — [אַוועסנע'פּעש] דער, ־ן. <דבֿרים, יב, 20. זן. 'באַגער (גלוסטונג) פֿון האַרצן'; שטאַרקער פֿאַרלאַנג; געפֿיל פֿון גלוסטיקייט, זשעדנעקייט. א'־נ, נאָך אַ פֿעטן ביסן. „אויב דײַן א'־נ, איז צו פֿאָרן דווקא קיין אַמעריקע, האָסטו בײַ מיר געפּועלט“, רייד.

אוזאָ'ר — דער, ־ן. < רוס. מוסטער, צייכן. אויסגעניי, טראַפּאַרעט, דעסן. „אויסגעהעפּט אַ לײַוונט־סערוועט פֿאַרן טיש אין פֿײַנע בלומען און קונציקע א'ן“, ייִש, יונגע יאָרן. „איך בין דער העלער שײַניקער קאַיאָר וואָס וועבט די ליכטיקסטע א'ן“, ווײַנפּער.

אוזאָ'ריש — אַד־י. וואָס איז ווי אַן אוזאָר „...מאָלט אויס אַ צעלויכטענע זון, נאָך אַ

רעגן, א'ע ביימער,,, הל, אַ בלאַט אויף אַן
עפּלבויס.
אוזבע'ק — דער, ־ן. וונ ־ין (־עטשקע), ־ס.
מיטגליד פֿון אַ פֿאָלק אין צענטראַל־אַזיע,
קרובֿיש צו די טערקן. אַדי: ־יש. סובֿ —
די שפּראַך פֿון א'ישן פֿאָלק וואָס ווערט אויך
אָנגערופֿן טשאַגאַטאַ־טערקיש.
אוזבעקיסטאַ'ן — גנ. סאָוועטישע רעפּובליק
אין צענטראַל־אַזיע מיט דער הויפּטשטאָט
טאַשקענט. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה
זײַנען דאָרטן געווען און זיך געמאַטערט אַ
סך ייִדישע פּליטים.
או'זדיעטשקע — די, ־ס. סל. < רוס. צײַמל
(טייל פֿון געשפּאַן אין פֿערדס מוי□). פֿירן
דאָס פֿערד פֿאַר דער א,. ,,קינדער טאָר מען
ניט באַלעווען. מע דאַרף פֿאַר ז אַן א',,.
ייִ
אוזדע — גנ. שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד,
מינסקער קרײַז. 2,068 — 1897 ייִדן, 1923 —
1,647 ייִדן.
אוזוס — דער, ־ן. < איי < ל. שטייגער,
פֿיר, געוויינטלעכער באַנוץ.
אוזורפּאַטאָר — דער, ־ס. וונ ־שע, ־קע, ־ס.
פֿאַרכאַפּער, ווער עס פֿאַרכאַפּט מיט

אומגעזעצלעכע מיטלען מאַכט, השפּעה, דעה.
אוזורפּאַטאָריש — אַדי. וואָס איז שײך צו אַן אוזורפּאַטאָר; וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון אַן אוזורפּאַציע.
אוזורפּאַציע — די, ־ס. אַקט פֿון אוזורפּירן ←. דאָס אומגעזעצלעכע פֿאַרכאַפּן, ספּעצ די מאַכט אין אַ מלוכה.
אוזורפּירן — טרוו. ־פּיר, אוזורפּירט. < איי < ל. פֿאַרכאַפּן מיט גוואַלד, כיטרעקייט אָדער

אינטריגערײַ דאָס וואָס געהערט אַ צווייטן, ספּעצ די מלוכה־מאַכט. א, דעם טראָן, די סוווערענע מאַכט. בכלל אַרײַנבאַקומען עפּעס אָן באַרעכטיקונג. א, דעם אויבנאָן.
אוזיאַ'זד — דער, ־עס. < פּויל. סל. צונויפֿפֿאָר, צונויפֿקום, צוזאַמענקום. „קייגער האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס זייער [די צדיקימס] א, האָט בפֿירוש באַטײַט„, יא, שטערנטיכל, לײַפּציג 1□18.
אוזל(י)אַן — גנ. 1. שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד, מינסקער קרײַז. 1897 — 690 אײַנוו,

פֿון זײ 658 ייִדן, 1923 — 541 ייִדן. 2.
שטעטל אין ווילייקער קרײַז, ווילנער גובֿ'.

אוזן שומעת — [אוי'זען שוימאַ'ע□] בלויז
מיט אַ ן. > משלי, כה, 12. 'אויער וואָס
הערט'. פֿאַראינטערעסירטקייט,
אויפֿמערקזאַמקייט בײַם הערן. „אַמאָל האָבן
חסידים־יונגעלײַט געהאַט אַן א, ש„ די תּשוקה
וגעגועים צו הערן אַ וואָרט פֿון אַן עלטערן
חסיד איז געווען אומבאַשרײַבלעך", לדבֿ.

אוזע(ס) — די, ־ס (געוויינטלעך מצ). סל.
שלייפֿן פֿון כאָמעט אויף צו פֿאַרקניפֿן די
האָלאָבליעס (אין לשון פֿון גאַרבערס, רימערס,
בעלי־עגלות).

אוז□ר — □ ייִקע

— די, ־ס. > רוס. באַן־
ליער. דזוו אוזאָ'ר ←. ל2.

אָ
־קאָ
או'ז

ניע וו□ס איז שמעלער פֿון דער געוויינטלעכער.
אוזשאַ ק — דער, ־עס. בעס. דזוו זשוק. אויך

ק

דזוו □ — דער, ־עס. < רוס. קליינע
ניטוזשאָק.

אוזשאָ

□ע שלאַנג. גאָרטנשלאַנג, גראָזשלאַנג.

אוזשאָ

ר — דער, ־ן. רומ, בּעס. דזוו אוזאָ'ר←.
גיפּטי

או'זשהאָראָד — גנ. שטאָט אין
קאַרפּאַטאָרוס. ייִדן זינט 1897.1575 — 5,200 ייִדן.
בּיז 1918 געהערט צו אונגערן. 1930 —
6,200 ייִדן.

אוזשין — דער, ־עס (זן). רוסיצ. וועטשערע,
אָוונטמאָל, נאַכטמאָל. ,,מע דאַרף ניט דעם
א, — האָט איוואַנאָוו זיך טרוקן אַנטזאַגט, ווי
ער וואָלט זיך וועלן נוקם זײַן,, אר, ,די
פּרעמדע תּפֿלה,.

אוזשלאָבּען זיך — אוטוו. ־בּע זיך, זיך
אוזשלאָבּעט. סל. □o□. <. (אײַנבּינדערײַ)
זיך אויסבּייגן. ,,דער נאַסער טאָוול האָט זיך
אוזשלאָבּעט בּײַם טריקענען,,.

אוז(ש)מירשעליס, ־מירסעליס — דער,

־ן. לר. (שאַקי, אומג'). is e mir u: ־ < .
מענטש מיט אַ קורצן זכּרון. „גערענקסט ניט?
בּיסט דאָך טאַקע אַן א'“.
אוזשען — אוטוו. אוזשע, געאוזשעט.
אַרויסגעבּן קלאַנגען, ענלעכע צו אוזש־אוזש;
הוזשען, הודזשען. „דער ווינט אוזשעט אין
קוימען“. *א, אין אויער = אויך:
פֿאַרטומלען מיט אַ סך רייד.
אוזשענראָווע — אַדי. פּד. y יo ur: ג < .
דזוו אוראַנדאָווע, בּ1 ←. א, ש נ ײַ ד ע ר =
וואָס אַרבּעט פֿאַר אַ רעגירונגס־אַמט, פֿאַר
אײַזנבּאַנער, פּאָליצײַ אע.
אוזשענדניק — דער, ־עס. ווּנ ־ניצע (־
ניטשקע), ־ס. > פּויל. רעגירונגס־בּאַאַמטער (
געוויינטלעך אַזאַ וואָס טראָגט אַ מונדיר).
טשינאָווניק. אָפּט איר בּײַטעם.

אוטאָפּיזם

אוזשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער
זולטאַט פֿון אוזשען. אָן א, (ווי) פֿון בּינען.
או ה — ר„ת פֿון: אורח חיים.
או הבֿרותא או מיתותא — [אוי כאַוורו'סע

אוי מיסו'סע] שוו פֿון תּלמודישער צײַט. תּח. 'אָדער אַ חבֿרה (געזעלשאַפֿט) אָדער טויט'. אָדער לעבן צווישן פֿרײַנד אָדער שטאַרבן. [נאָכדעם ווי די גמרא, תּענית, כג/א, דערציילט וועגן חוני המעגל און וועגן דעם אַז ער האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט, ווײַל ער איז געווען איינזאַם און מע האָט אים ניט געגלייבט אַז ער איז עס חוני, גיט רבֿא צו: ניט אומזיסט זאָגן מענטשן אַ ווערטל...]. „עס איז דער סאָרט מענטשן וועגן וועלכע די גמרא זאָגט: א, ח, א, מ, — אָדער געזעלשאַפֿט אָדער טויט“, באַש פֿאָר, 19 IX 1959.

,

אוהז▯ביד — [אוי'כעז־בעיאַ'ד] דער, אוחזימביד [אָ'כזים־...]. < 'האוחז ביד מדת משפּט„ אין ימים־נוראימדיקן מוסף. 'דער וואָס האַלט אין האַנט'. 1. פֿאַקטישער באַזיצער פֿון אַ דיספּוטירטער זאַך. „א'־ב, — שלום בקעשענע“, שוו [=ווען מע האָט עפּעס פֿאַרנומען, מע האַלט אין האַנט, איז מען געזיכערט אַז מע וועט ניט אָנווערן]. „און, איזט וויסיקליך דאז קיין גרעשריר תּקיף איז אלז דער אוחז בידו האָט„, גה, 116. 2 פֿאַרכאַפּער, אומגע.

זעצלעכער באַזיצער. אַ פּריץ אַן א־ב'. „(ה)א־ב, איז די בעסטע תּפילה“, שוו [=אַנשטאָט זיך צו פֿאַרלאָזן אויפֿן רבונו־של־עולם אָדער אויף מענטשנס יושר איז גלײַכער צו פֿאַרכאַפּן]. אויך: אוהז־בידו.

אוהז־ביד זיין — ← דפֿוו. טרוו. 1. נעמען
--
(האַלטן) אין פֿאַקטישן באַזיץ אַ דיספּוטירטע זאַך. א'־ב, זײַן אַז דער שותּף זאָל זיך משפּטן. 2 פֿאַרכאַפּן אומגעזעצלעך. „איצט איז [דער
.
בעל־טאַקסע] א,־ב, און לאַכט אויס די קהלס פֿאַרזאָרגער וואָס האָבן אים געטרויט“, ייִפֿאָל, 23 1884, No.

אוהז־בידניק — [אויכעזבעיאַ'דניק] דער, ־עס. ונ ־יצע, ־ס. פֿאַרכאַפּער, ווער עס איז אוחזביד ←.

אוהז זײַן — [אויכ'עז] טרוו. מיִי, אַווע ▯ I. האַלטן, האָבן אין באַזיץ [די ערשטע משנה אין בבֿא מציעא הייבט זיך אָן: 'שנים אוחזין בטלית'].

אוהילה לאל — [אויכי'לאָ לאָאיי'▯] פֿראַזע פֿון ימים־נוראימדיקן מוסף. 'איך טו בעטן צו גאָט'. ערשטע ווערטער פֿון תּפֿילה [מע

עפּנט דערבײַ דעם אָרון־קודש]. „בײַם (פֿון)
חזנס 'אוחילה, פֿאַרוועלט זיך אַכילה“, ווערטל.
אוטאַכמע'רען — טרוו. ־רע, אוטאָכמערעט.
< רוס. אויך: אוטיכאָמי'רען.
באַרואיקן, אײַננעמען, אײַנשטילן. „זי איז געווען
צעיושעט און מע האָט זי קוים
אוטאָכמערעט“.
אוטאָמיר — גנ. שטעטל אין וואָלין. 1897 —
1,754 ייִדן, 1930 — 1,624 ייִדן.
אוטאָפּיזם — דער, ־ען. 1. דאָקטרין, שיטה
פֿון אַן אוטאָפּיע ←. 2. נייגונג צו
פֿאַנטאַסטישן, וויזיאָנערן פּלאַן (געוויינטלעך צו שאַפֿן
שלימותדיקע, פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע
לעבנס־באַדינגונגען).

אוטאָפּיסט

אוטאָפּיסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס שאַפֿט, גלייבט, איז אַן אָנהענגער פֿון אַן
אוטאָפּיע; ווער עס שטעלט אויף וויזיאָנערישע
פּלענער; בעל־חלומות. “...ער איז אַן א'...
ער גלייבט אַז די ישועה איז אין דער
האַרמאָניע„, אָפּאַ, היברו.
אוטאָפּיסטיש — אַדי. וואָס איז

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אוטאָפּיע פֿאַר אַן
אוטאָ,
פּיסט; וואָט איז שייך צו אַן אוטאָפּיע.
אוטאָפּיע — די, ־ס. < איי < גר. 'אין
ערגעץ(ניט)־לאַנד,. 1. ראָמאַן פֿון טאָמאַס מאָר
(16. יה), באַשרײַבונג פֿון אימאַזשינערן
אינדזל מיטן זעלביקן נאָמען, וואו די
באַפֿעלקערונג זאָל האָבן אײַנגעשטעלט אַן אידעאַלע,
שלימותדיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע
אָרדענונג. 2. באַגערט, אויסגעחלומט לאַנד;
אײַנבילדעניש. ,,...אַזוי פֿיל קלויסטערס זײַנען אין
אייראָפּע, און וועסטמינסטער און אַלטער
נאָטערדאַם; און בילדונג, ביכער, בילדער...אַן
א', אַ שפּיל אַנטקעגן דעם מאַידאַנעק־סם“, סעג.
3. אומרעאַלער פּלאַן פֿאַר וועלט־
פֿאַרבעסערונג.
אוטאָפּישער סאָציאַליזם — דער.
באַצייכענונג וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן
געשאַפֿן פֿאַר אַלע סאָציאַליסטישע טעאָר עס אין
אומגאַנג זינט דער גרויסער פֿראַנצייזישער
רעוואָלוציע ביז דער פּובליקאַציע פֿונעם ,
קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט, (1848) [להיפּך צו
זייער ,ווּיסנשאַפֿטלעכן, סאָציאַליזם].
אוטאָ'ק — דער, ־ן (־עס?). < רוס. פֿעדעם

דורכגעוועבּט אין דער בּרייט. שאָס (
וועבּערײַ).
אוטאָרע — די, ־ס. (געווײינטלעך אין מצ).
< רוס. אײַנשניט אין בּרעטל(עך), קליאָפּקעס
פֿון אַ הילצערנער פּאַס, אַרײַנצופּאַסן די דעק
אַז זי זאָל זיך האַלטן. אַרויספֿאַלן פֿון די א□ס.
,,אַ פֿעסל אָן א'ס טויג אויף כּפּרות", שו□ .
אוטווערדע(וו — טרוו ־ד□ד□),
אוטע)ן .
ווערדע(ווע)ט. אויך: אוטווערזש ען. סל.
וו

< רום. בּאַשטעטיקן אויף אַן אָפֿיציעלן אופֿן.
א, די וויבּאָרעס [= וואַלן]. ,,עס וועט אַ סך
העלפֿן אַז מע זאָל אוטווערזשען די טאַבּעלע,,,
ממוס, טאַקסע. מיט ז י ך = אײַנשטעלן
זיך, אײַנפֿעסטיקן זיך. אַ נײַע מאַכט
אוטווערדעט זיך.
אוטווערזשדעניע — די, ־ס. סל. < רוס.
(אָפֿיציעלע) בּאַשטעטיקונג, צושטימונג (מצד
דער מאַכט). ,,דער אַדוואָקאַט...געדענקט נאָך
מסתּמא דעם טעם פֿון וויבּאָרעס, מיט א'ס, מיט
פּראָטעסטן אויף די וויבּאָרעס", פּרוג, ,נאָך

תּשליך'.
אוטיאַ'ן — גנ. קרײַזשטאָט אין
אומאָפּהענגיקער ליטע. 1923 — 2,495 ייִדן.
צונעמעניש:
אוט אַנער בערן־טרײַבער.
'

< רוס. אויך: או□יאָ'ק, אוציאָ'ק < וור.
אוטיאָ'ק, אוטיו, — דער. מצ נבֿ. סל.

אַקט פֿון אַנטלויפֿן גיך. מאַכן (אַן) אוטיאָק
=: מאַכן אַ ויבֿרח. „זיך אַרויסגעריסן פֿון
פּאָליציסט און געמאַכט אַן א'".
אוטי'ל — [ווייכע, אָבער אויך האַרטע ל] דער.
מצ נבֿ. סאָוו. < רוס < פֿר, ל. אָפּפֿאַל (
אַלטוואַרג) פֿון שטאָף, לעדער, מעטאַלן, וואָס מע

קען אויסניצן אין דער פּראָדוקציע. „מע האָט
צונויפֿגענומען אַ גאַנצן באַרג א': אַלטע
צײַטונגען, שמאַטעס פֿאַרראָסטע שטיקער אײַזן,..
,

„געהאַקטע און געפֿערטלטע טעווטאָנער, ווי
אָפּגעוואָרפֿענער א, פֿון טויט", פּמ, מלחמה.
אוטיליזאַציע — די, ־ס. אויסנוצונג פֿון
מאַטעריאַל אָדער כּוחות. ראַציאָנעלע א,.

אוטיליזירן — טרוו. ־זיר, אוטיליזירט. <איי > ל. 1. (פֿאַר)ניצן מאַטעריאַל, שטאָף אָדער ענערגיע פֿאַר פּראָדוקציע אָדער געבּרויך. א, די ענערגיע פֿון אַ וואַסערפֿאַל. 2. אויסניצן עפּעס עס זאָל ניט גיין אין ניוועץ. א, אַלטע צײַטונגען, אָפּפֿאַל אין אינדוסטריע אדגל.

אוטיליטאַר — אַדי. וואָס איז פּראַקטיש (בּעסער אין פֿאַבּריקאַציע), ניצלעך; וואָס קען אויסגעניצט ווערן. א'ע סיסטעם פֿון פּראָדוקציע. אויך אַדי: ־יש, סובּ: ־ישקייט.

אוטיליטאַריזם — דער. מצ נבֿ. 1. ניצלעכקייט, פּראַקטישקייט. „...שפּעטער אַ בּיסל, אַז די וועלט הייבּט אָן פּראַקטישער ווערן איז אין דער מאָדע צו רעדן פֿון א', דאָס הייסט פֿון ניצלעכקייט", ממוס, קליאַטשע. 2. ניצלעכקייט ווי אַ פּרינציפּ; שיטה אין דער מאָראַל פֿילאָסאָפֿיע, אַז גוט איז דאָס וואָס איז ניצלעך [לויט בּענטאַמס פּרינציפּ: דאָס גרעסטמעגלעכע גליק פֿאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן].

אוטיליטאַריער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־ס. אָנהענגער פֿון אוטיליטאַריזם ווי אַ שיטה.

אוטיליטעט — די, ־ן. נוציקייט, עפּעס וואָס בּרענגט נוצן, וואָס דינט דעם טובֿת הכּלל.

אוטילשטשיק — דער, ־עס. וונ ־שטשיצע,
־ס. סאָוו. 1. ווער עס קלײַבּט אוטיל.
שמאַטניק; זאַמלער פֿון אָפּפֿאַל. „אַ דאָקטער איז
ער? אַן א, איז ער!“. 2. שלעכטער
בעלמלאכה, פּאַרטאַטש. „רעכט אויף דיר, מע גיט
ניט קיין א, צו פֿאַרריכטן אַ זייגער“.
אוטינע — אַדי. סל. < רוס. וואָס איז ווי בײַ
אַ קאַטשקע. א, גענגעלע. א, ש י ך =
שיך מיט ברייטע פלאַטשיקע נעזער.

□

אוטישען — טרוו. ־ע, ־ט. < רוס. ←
אוטשישען. אײַנשטילן, אײַננעמען, באַרואיקן.
א, דעם כּעס. א, אַ וויינענדיק קינד.
אַ'וטלעט — דער, ־ס. אַ
.2

ספּעמ. out1et: □ <.
1. אָפּזאַץ (פֿאַר סחורה), פֿאַרקויף.
ציעלער אײַנשטעל (קאָנטאַקט) אין וואַנט צו
פֿאַרבינדן מיט די עלעקטרישע דראָטן פֿון בנין.
„מע דאַרף האָבן אַ באַזונדערן אַוטלעט פֿאַר
דער טעלעוויזיע און אַ באַזונדערן פֿאַר די
לאָמפּן“.
אוטם אָזניו — [אוי'טעם אָ'זנאָוו] פֿראַזע.
ישעיה, לג, 15; משלי, כא, 13; 'אטם אזנו'.

ווער עס פֿאַרשטאָפּט זײַנע אויערן (ניט צו
הערן שלעכטע רייד). „אין טורמע פֿאַרשפּאָרט
מען די עבֿודה פֿון א, אָ, אויף ניט צו הערן
וואָס מע דאַרף ניט“, לדבֿ.
אָ'וטמיל (אָ'ט... אויט□.□) — די. אַמ.:□ <
oatmea1. האָבערגריץ, האָבערגרויפּן; קאַשע
פֿון האָבערגריץ.
אַ'וטסײַד (אויט...) — אַדוו. דער (די), ־ס.
אַמ. outsi(1e:□. >. פֿון דרויסן, אין דרויסן.
דער דרויסן. „דער אַ, איז שענער ווי דער

אוטשאָט

אינסײַד“. אַדי: ־יק. „פֿון אַוטסײַדיקע
דזשאַבעלעך פֿאַרדין איך מער ווי פֿון מײַן
אַרבעט בײַם באָס“.
אַ'וטסיידער (אויט—) — דער, ־ס. אַמ.
-
outsi.□er:□ >. 1. דרויסנדיקער, זײַטיקער
מענטש. „איר זײַט אַן אַ, און קענט דאָ ניט
וואוטן„. 2. שותּף אָדער אָנגעשטעלטער אין
אַן אונטערנעמונג וואָס זײַן אַרבעט איז מחוץ
דער פֿאַבריק, וואַרשטאַט. „איך האָב

געהאָרעוועט אין שאַפּ און מײַן אַ, האָט מיך בדלות געשטעלט“.

אוטערוס — דער, ־ן. < איי < ל.
געבעראָרגאַן (געבערמוטער) בײַ די העכער־אַנטוויקלטע בעלי־חיים.

אוטעריניש — אַדי. 1. וואָס שייך דעם אוטערוס. 2. וואָס די פֿאַרבינדונג איז דורו אָפּשטאַם פֿון איין אוטערוס (ווי ברידער און שוועסטער פֿון איין מוטער, אָבער ניט פֿון איין פֿאָטער).

אַ'וטפּיט (אויט...) — דער, ־ס (־ן). אַם. 1. < □ it: □ out. אויסשטאַטונג (מיט מלבושים, פֿון אַ קראָם, פֿון אַ וואַרשטאַט). 2. געשעפֿט, אונטערנעמונג.

אוטקע — די, ־ס. < רוס. פֿאַלשע ידיעה, 'קאַטשקע'. „אַרויסלאָזן אַן א, און גלייבן אין איר„.

אוטראָנטו — גנ. דזוו אָטראַנטאָ ←.

אוטריקול — דער, ־ן. < איי < ל. ,קליינער לאָגל'. 1. (אַנאַטאָמיע) לופֿט־חלל אין לאַבירינט פֿונעם אינעווייניקסטן אויער. 2. (באָטאַניק) זוימען־זעקעלע.

אוטריקולאַ'ר — אַדי. וואָס האָט די פֿאָרעם פֿון אַן אוטריקול.

אוטריקולי'ט — דער. מצ נבֿ. אָנצינדונג פֿון
אוטריקול אין אויער.

אוטרירן — טרוו. ־ריר, אוטרירט.
איבערטרײַבן, מגזם זײַן, מאַכן פֿון עפּעס צו פֿיל
ווען, שטאַרק אַרויסהייבן.

אוטרעכט (איט...) — גג. הויפּטשטאָט
פֿון פּראָווינץ מיטן זעלביקן נאָמען אין
האָלאַנד, באַקאָנט זינט די צײַטן פֿון דער
רוימישער הערשאַפֿט אין די רײַן־געביטן. וועגן
ייִדן אין א, באַקאַנט זינט 15. יה אין שײַכות
מיט צוויי גירושים פֿון דער שטאָט. אין 17.
יה צוויי קהילות, אַשכּנזישע און ספֿרדישע.
1776 גלײַכבאַרעכטיקונג און פּריווילעגיעס
פֿאַר די ספֿרדים אין א'. 1796 אַלגעמיינע
-
גלײַכבאַרעכטיקונג פֿאַר אַלע ייִדן פֿון דער
פּראָווינץ. זייער צאָל אין 1930 — קרובֿ
צו 2,000.

אָוטש — אויסרוף פֿון ווייטיק וואָס קומט
פּלוצעם. „האַט אַ צאַפּל געטאָן, אויסגעשריִען
אַ„ געכאַפּט זײַן הענטל צום מויל און
בלאָזנדיק האַט ער זיך צעוויינט“, אָפּאַ, היברו.

אוטשאַד'(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע, אוטשאַד(י)עט.
רוסיצ פֿאַרטשאדען. אוטשאַד(י)עט ווערן פֿון

— — .

אויוון פֿון פּרעסלעך. דעמאַגאָגישע רייד

או,

טשאַדיען. אויך מיט ז י ך.

אוטשאַ'ט — דער, ־ן. סל. < רוס. 1.

דיסקאָנט. דער א, פֿון די וועקסלען איז אַ צו

הויכער. 2. דין־וחשבון, (אָפּ)רעכענונג. „זיי

האָבן זיך נוקם געווען אין די ייִדישע

שפּיטאָלאוטשאָטשיק

גבאים מיט דעם וואָס זיי האָבן געשריבן אַ

רוסישן א‘‘, קמ, l864, No l6. „פֿאַרוואָס ווייסט

מען ניט וויפֿל זיי מאַכן? קיין א, פֿון דער

אַרבעט איז ניטאָ‘‘, גאָלדשטיין,

בירעבידזשאַנער אויפֿ1 אַמור.

אוטשאָ'טשיק — דער, ־עס. ווב ־טשיצע,

־ס. סל. < רוס. ווער עס פֿירט דעם חשבון

(אין קאַנטאָר, פֿאַבריק, ווירטשאַפֿט).

אוטשאָ'ני יעווּרעי, (־ריי) — דער, מצ

אוטשאָנייע יעווּרעאי (זן). < רוס. 1. ,

געלערנטער ייִד', קענער פֿון דינים און מנהגים

— אַמט אין צאַרישן רוסלאַנד, מיט עטלעכע

פֿונקציעס. [איינגעפֿירט דורכן געזעץ פֿון 1844

XI 13. א) אין סינאַגאָגעס און בתּי־מדרשים
געווען מיטגליד פֿון פֿאַרוואַלטונג, צוזאַמען
מיטן גבאי און נאמן, און באַדאַרפֿט אין ,,
באַזונדערע פֿאַלן אויפֿקלערן די ספֿקות וואָס שייך
דאַוונען און רעליגיעזע ענינים בכלל,,.
וועלטלעכע בילדונג האָט דאָס געזעץ ניט פֿאַרלאַנגט.
קיין שׂכירות ניט באַקומען. ב) בײַ קוראַטאָרס
פֿון בילדונגס־קרײַזן איז די פֿונקציע געווען
אויפֿצוקלערן וועגן ייִדישע לימודים. ג) בײַם
מיניסטעריום פֿאַר פֿאָלקסבילדונג — אַ
ראָטגעבער, ענלעך צום פּונקט ב. ד) בײַ
גענעראַלגובערנאַטאָרן אין תּחום־המושבֿ און בײַם
אַדעסער ראָש־העיר אויסגעפֿירט באַזונדערע
שליחותן. א, י, פֿון קאַטעגאָריעס ב, ג, ד
באַקומען שׂכירות פֿון קאָראָבקע־געלט]. ,,דער
א, י, וויל ניט זײַן קיין מסור, די פּראָסטע
בעלי־בתּים האָבן מורא צו קלאָגן, און ווער
וועט זיי הערן,,, קמ, 2 .14 ,1863 No. איר.
ייִד וואָס דרייט זיך אַרום נאַטשאַלסטווע ווי אַ
מין בעל־יועץ אין ייִדישע ענינים; ווער עס
שטעלט זיך אַרויס ווי אַ קענער, אַ ידען אין
ענינים פֿון ייִדישקייט. 3. אַ ביסל מער
געלערנטער, עבֿרידיקער צווישן אַ גרופּע
עמהארצים, וואוילע־יונגען. אַן א, י, בײַ די

גאַסמענטשן.

אוטשאָנע — אַדי. אָפּט סובסטאַנטיווירט: דער (די) א., רוסיצ. געלערנט. אַן א'(ר) מענטש. ,,דער געבילדעטער קריסט ווייסט אַוודאי צו שעצן דעם קינדס לערער און דער פּראָסטער ווערט גאָר בטל פֿאַר אים, ער הייסט דער א'", קמ, 1865 6 .No.

אוטשאַסטאָק — דער, ־טקעס. סל. < רוס. 1. לאָקאַלער אָפּטייל פֿון רוסישער פּאָליציי (אין צאַרישע צײַטן). ,,אַז ער כאַפּט איינעם, טראָגט ער אים אָפּ גלײַך אין א, אַרײַן", שע, מנחם־מענדל. ,,דער גאָראָדאָוואָי האָט זיי געפֿירט אין א,", ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,זי וועט מיך מסרן אין א'", בערג, בײַם דניעפּער 2 .II. באַצירק, זאָנע, טייל שטאָט (אין צאַרישן רוסלאַנד). ,,די שטאָט גופֿא איז אײַנגעטיילט געוואָרן אין א'עס,,, שע, פֿונעם יאַריד. 3. רוסיצ. פּלאַץ; שטח ערד (צו בויען, צו באַאַרבעטן). ,,יעדער פּעכטער איז געצוואונגען טײַערער צו נעמען פֿאַר א'עס וועלכע די פּויערן קלויבן אויס בשעת זיי דינגען", קמ, 1868 4 .No.

אוטשיטעל — [ווייכע ל] דער, ־(י)עס. רוסיצ. לערער, געוויינטלעך פֿון רוסיש אָדער אויף

רוסיש. „דער אויסגעשטודירטער א, האָט זיך

ניט באַגניגט מיט יענעם אַרטיקל“, קמ, 1865,
.No 17

אוטשי'לישטשע — די, ־ס. רוסיצ. שול,
דערעיקר רוסישע שול. „תּלמוד־תּורה איז ניט
מער ווי אַן א', אַ שקאָלע, נאָר אויפֿן יִדישן
אַרט“, פֿרוג, 'די לעצטע קאָפּיקע'.

אוטשיעשען — טרוו. ־שע, אוטשיעשעט. סל.
< פּויל, וור. דערפֿרייען, טרייסטן. א, דאָס
קינד. אויך מיט ז י ך.

אוטשישען — טרוו. ־שע, אוטשישעט. סל.
< פּויל. דזוו אוטישען.

אוטשעבניק — דער, ־עס. רוסיצ. לערנבוך.
„ער טראָגט מיט זיך א'עס ווי אַלע סטודענטן
איבער דער גאָרער וועלט“, ש. סײמאָן,
צווײגן.

אוטשעבנע — אַדי. רוסיצ. וואָס איז שייך
צום לערנען, גיט אַכטונג אויף בילדונג.
„...איז געווען מײַן חיובֿ צו פּועלן בײַ דער
א, נאַטשאַלסטווע...“, צעדערבוים, קמ, 1862,
.No 49

אוטשעניע — די, ־ס. < רוס. 1. דאָס מושטירן אין מיליטער. „בײַ דער א, פֿלעגן זיי אָפּאַרבעטן אַזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעך און די פֿיסלעך אַז ס'איז געווען גאָר אַ ריינע קאָמעדיע“, ממוס, מסעות. 2. דאָס לערנען אַ פֿאַך בײַ אַ בעל־מלאָכה. צאָלן פֿאַר א'. די א, וועט זיך ציִען גאַנצע דרײַ יאָר. 3. סתּם דאָס לערנען (וועלטלעכע לימודים, אין אוטשילישטשעס) □ אַוועקפֿאָרן אין שטאָט אויף א'.

אוטשעני'ק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. רוסיצ. 1. תּלמיד, שילער (געוויינטלעך אין אַ רוסישער שול □. אַן א, אין גימנאַזיע. „איך בין אין מײַן קלאַס געווען דער בעסטער א'“, אַקערמאַן, טאָג, 6 1958 □ I. „זיך געחזרט דעם ליגנט, אַזוי ווי אַן א, פֿון די שקאָלעס חזרט דעם אוראָק“, קמ, 2 .47 1868, No. לערנייִנגל בײַ אַ בעל־מלאָכה. נאָכמאַכער, ניטזעלבשטענדיקער. ניט קיין שרײַבער, נאָר אַן א,.

אוטשקאָמבינאַט — דער, ־ן. סאָוו. קירצונג: אוטשעבני קאָמבינאַט = סיסטעם פֿרן לערנאַנשטאַלטן.

אוטשרעדי'טעלנאָיע סאָבראַ'ניע —
[ווייכע ל] די. < רוס. גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג
[אויף דעמאָקראַטישע יסודות, לויטן געזעץ
פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, געקליבן
געוואָרן 25. נאָוועמבער 1917, זיך
צונויפֿגעקומען און צעטריבן געוואָרן פֿון די
באָלשעוויקעס 5. יאַנואַר 1918. געדאַנק וועגן אַן א,
ס, געוועזן טײַער בײַ צוויי דורות רוסישע
רעוואָלוציאָנערן]. אוטשרעדיל(אָוו)קע —
געניצט מיט ביטול און חוזק פֿון סאָוועטישע
פּראָפּאַגאַנדיסטן.

אוטשרעזשדעניע — די, ־ס. רוסיצ.
אינסטיטוציע, אַנשטאַלט (געווײנטלעך —
מלוכהשער). אָנגעשטעלטע אין אַן א'.

אוי — אויסרופֿוואָרט. פֿאַרשפּרייטסטער,
אָפֿטסטער, כאַראַקטעריסטישער אויסרוף אין
ייִדיש מיט אַ סך באַטײַטן.
1. דריקט אויס ווייטיק, קערפּערלעכע אָדער
גײַסטיקע לײַדן. „אוי, עס טוט וויי! טשעפּע

אוי־אוי־אוי

ניט!“ „אוי, מײַן קעפּעלע טוט מיר וויי!“,
פֿל. „אוי, דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן!“

„מע שרײַט ניט אוי, אַז עס טוט ניט וויי“,
שוו. 2. דריקט אויס יאוש, פֿאַרלאָרנקייט.
“אוי, אָפּגעקוילעט האָסטו מיך, דושעניו“, פֿל.
„אוי, אַ דאָקטער קען היילן אַ קראַנקן זײַן
קרענק, אָבער ניט מיר וואָס איך בענק“, פֿל.
3. דריקט אויס אומצופֿרידנקייט, באַקלאָגן
זיך, באַדויערן זיך. „אוי, די כּוחעלעך גייען
מיר אויס“, פֿל. „אוי, בלינד בין איך...רעדן
קען איך נישט קיין וואָרט“ פֿל. „אוי, ס'איז

,

ניש, גוט, ס'איז ניטאָ קיין פֿרײַע מינוט“ פֿל.

,

4. דריקט אויס מיטגעפֿיל, מיטלײַדן. „אוי,
איז דאָס אַ רחמנות אויף אים!“ „אוי, אַ יתום
נעבעך!“
5. דריקט אויס בענקעניש, באַגער, חרטה.
„אוי, אויב די יונגע יאָרן וואָלטן געוואוסט
וואָס די אַלטע יאָרן מוזן פֿאַרשפּאָרן!“, שוו.
„אוי, דאַמאָלס וואָלט איך געוואוסט פֿון אַ
וועלט„, פֿל. „אוי, וואָלט איך צו דיר
געפֿלויגן!„ פֿל. 6. דריקט אויס שרעק. „אוי,

,

אַ הונט!“ „אוי, עס ברענט!“
7. דריקט אויס באַגײַסטערונג, התפּעלות.

„אוי, קען ער לערנען!“ „אוי, דער רבּי, דער רבּי!“ „אוי, איז דאָס אַ ייִנגעלע, אַ שיינס און אַ פֿײַנס!“, פֿל. „אוי, דײַנע בּריוועלעך צוקער־זיס„, פֿל. 8. דריקט אויס יעדער מין שטאַרק געפֿיל, ווײַזט אַז מען איז אינגאַנצן אַרומגענומען פֿון אַ געפֿיל. „אוי, דושעניו, האָבּ איך דיך ליבּ!“ „אוי, בּיסטו אַ שיטערער נחת“

9. איז אַ מיטל צו בּאַפֿעסטיקן די רייד, אַרויסצוהייבּן זיי. „אוי געוואַלד! הער שוין אויף האָבּן טענות!“ „אוי ניין, וועסט מיר נישט אײַנרעדן, ניין!“, פֿל. „אוי ווי ליבּ מיר איז מיט דיר צו ריידן“, פֿל.

()1 פֿאַרבּײַט אַדוו, אַדי און ווײַזט אויף:

.

אַ סך, אַ גוזמא, אין אַ הויכער מדרגה; שיין, גוט, גרויס. „אוי איז ער אַ שטיפֿער!“, „אוי ווילט זיך אים!“; „אוי איז דאָס אַ פֿאַרשוין!„ “אוי וויפֿל שידוכים מ אָט מיר איבּערגע,

רעדט“, פֿל. „אוי אַזאַ צײַט ווי מיר פֿירן זיך שוין אום“ פֿל. „או אַ ווינט!„; „אין דרויסן

’ ,

איז געווען אַ שניי, אוי אַ שניי“, פֿל. „איך

שמײַס, אוי שמײַס איך!״, שע.
אוי — דער, ־ען. 1. זיפֿץ, קרעכץ, אויסדרוק פֿון װייטיק. ״גיי רײַס פֿון זייער האַרץ אַן אוי, שיס אויס פֿון זייער אויג אַ טרער״, ביאַליק. 2. דזוו װיי. 'אוי לך מואָבֿ, (במדבר, כא, 29) פֿאַרטײַטשט מלל: ״אוי דיר, מואָבֿ״ [תּי: „װיי צו דיר...״]. „ניט אומזיסט הערט מען אין תּורה אַן אוי, תּורה קויפֿט מען מיט מי און װיי״, רייד. 3. סובֿ פֿון יעדער מין אוי ← דפֿוו. דער אוי פֿון התלהבֿות; אַן אוי פֿון רחמנות.
אוי־אוי — (ביידע טראַפֿן אַקצענטירט, דער צווייטער טראַף קען אויך זײַן צעצויגענער ווי דער ערשטער) דזוו אוי ←, נאָר עמפֿאַטישער. ״אוי־אוי, ווי עס טוט וויי!״ „אוי־אוי, איז דאָס אַ חבֿרה־מאַן!״
אוי־אוי־אוי — (אַלע טראַפֿן אַקצענטירט, דער לעצטער אויך שטאַרק צעצויגן, אויף אַ

העאויאיש

כערן טאָן). דזוו אוי ←, נאָר אַזוי ווי אין סופּערלאַטיוו. נאָך אַ מין; אַוודאי און אַוודאי;

ביז דער העכסטער מדרגה אע. „האָט דער חזן געדאַוונט! אוי־אוי־אוי, האָט ער געדאַוונט!“
*ניט אײַ־אײַ־אײַ און ניט אוי־אוי־אוי = עס איז ניטאָ פֿון וואָס נתפּעל צו ווערן, ניט צו גוט, אָבער אויך ניט צו שלעכט, מע קען זיך ניט באַקלאָגן.
אויאיש — אַדי. נעאָל. וואָס קומט שטענדיק מיט אַן אוי; קרעכצעריש, זיפֿצעריש. „ירמיה איז א'„, ווײַנפּער, לייד און פֿרייד, 1954.
אויבֿ — קאָנ. Mhd: ob(e). אויך: אויבֿע.
1. אין פֿאַל ווען, בתּנאי אַז, אָנגענומען אַז אע — אויסצודריקן אַ תּנאַי, אַ באַדינג, כּדי עס זאָל זײַן מעגלעך אַ געשעעניש, אַ פֿאָרקומעניש, אַ געדאַנק, וואָס ער איז אויסגעדריקט אין דעם צווייטן (עיקרדיקן) טייל פֿון צונויפֿבינדונג; א, איז די כאַראַקטעריסטישע קאָנ פֿון תּנאיזאַץ. „א, איך וועל קענען, וועל איך אַוודאי באַצאָלן„; „א, איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אַוודאי באַצאָלט“ [אין צווייטן זאַץ אַ תּנאַי וואָס איז ניט רעאַל]. „א, דער הימל בלײַבט ריין, וועט קיין רעגן ניט גיין„, שוו [= אויך: אויבֿ עס וועלן ניט זײַן קיין שלעכטע מעשׂים, וועלן אויך קיין צרות ניט זײַן]. „א, די באָבע

וואָלט געהאַט רעדער, וואָלט זי געווען אַן אָמניבוס“, שוו [אָפּצולאַכן פֿון אוממעגלעכע תּנאָים, אומאיידל]. „א, אַזוי — איז מיטוואָך דער בּרית!“, שוו [איר, גוטמוטיק וועגן אַ תּנאַי וואָס האָט צום ענין קיין שײַכות ניט]. „א, איר געניייטיקט זיך אַצונד אין געלט, קענען מיר אײַך דערווײַלע געבּן אויפֿן חשבּון“, ממוס. „גאָט אַליין איז אומגערעכט קעגן אים, א, ער וויל — ער זאָל זיך הענגען„, פּרץ.

2. צי, אַז אע — ווי אַ קאָנ וואָס פֿאַרבּינדט אַן אָבּיעקט־זאַץ מיט דעם הויפּטזאַץ (זייער אָפֿט אין רייד). „איך ווייס ניט, א, איך זאָל קומען“. „שרײַבּט מיר אובֿ איך זאַל איין הין קומן אָדר ניט“, פּראָגבּ, 22. „האָט דער קייסער אַרײַנגעשיקט שליחים, א, עס איז דאָ חדרים פֿון־זײַנט־וועגן...אַזוי ווי אַ קייסער שטייט אָן“, שבחי־בּעש“ט. „וויפֿל טינט מיר האָבּן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך האָבּ מורא, א, ניט טויזנט פֿלעשער!“, שע, מאָטל. אָפֿטע פֿאַרבּינדונגען: א, (יאָ) אַזוי, א, ניט (אַזוי).

אויבּאַכט געבּן — ← אָבּאַכט געבּן.

אויבּוואוי'ל — קאָנ. פּר. < דײַטש. הגם, כאָטש(ע). “איבּערן ווינטער פֿלעגט זי, א,

זעלטן, אַרויפֿכאַפּן זיך צו אים“, פּרץ. „אין
יאַטקע האָט זי נישט געקויפֿט קיין אַנדער
פֿלייש ווי גלאַט־כּשר, א, דאָס האָט געקאָסט
מיט אַ פּרוטה מער“; “... א, [ער] איז געווען
אַ קנאַפּער למדן“, באש, 'דער קורצער
פֿרײַטיק'. ← דוווו.

אויבוואָ'ל — קאַנ. דטשמ. oh1□יob:□־ >. נר.
כאָטש, הגם [אומגעראָטענער פּרוּוו צו
פֿאַרייִדישן דאָס דײַטשישע וואָרט]. “אוף! —
סאַפּעט אָפּ די צווייטע [נשמה], אויבוואָל דער טייל
וואָס קאָן און דאַרף מיד ווערן ווערט דאָרט
אונטן אויף אַ מטה צוגעטראָגן צום אָפֿענעם
קבֿר“, פּרץ, ,צום עולם התוהו'. ← דפֿוו.

אויביק —. אַדי. אַרכ. וואָס איז דערמאָנט
אויבן פֿריִער. „[עס רעדט זיך וועגן
באַגרע,
נעצן מיט דער צאָל צען די געסט בײַ אַ
ברמצווה־סעודה און אַז דער בעל־סעודה, דער
בר־מצווה און די ניט־חתונה־געהאַטע קינדער
גייען ניט אַרײַן אין חשבון פֿון די צען]
וואהל אבר אַנדרי פֿרײַנט שאַפֿט...אונטר
אויביגן...צעהן פרשון ניט פֿר שטאַנדן זײַן
זולין“, ,פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ„ז

[ייִבל I, 339].
אויבל — דער, ־ען. < פּויל < פֿר < גר.
'אָבאָלאָס,. 1. גרויסע מטבע וואָס מע
טראָגט אויף אַ קייט(ל) ווי אַ צירונג;
מעדאַליאָן (געווײַנטלעך מיט אַ טײַערן שטיין). [
זייער פֿאַרשפּרייט בײַ ייִדישע פֿרויען ביזן סוף
19. יה; געווען אויבלען וואָס מע האָט
באַטראַכט ווי אַ סגולה קעגן מפּיל זײַן.] ,,פֿול
קופּערטל, לויטער פּערל, דיאַמאַנטן, קאַניקעס
און אויבלען־געשטיק,,, עט, ס□רקעלע. ,,אַ
קליין, שמאָל ראַצימאָרן ברוסטטיכל, באַלייגט
מיט שפּאַנירלעך, אַ קאַניק מיט אַן א''', יאַ,
דער ערשטער יודישער רעקרוט. ,,די מינוט
דיר געקויפֿט אַ גילדערנעם א,, פֿאַר מיר
אויף אַ שטרײַמל יאַקוטסקער סויבל'',
ליאָנדאָר, בש, 1844. ,,דער האַלדז איז פֿאַרהאַנגען
מיט שווערע א'ען,,, אמד, דער אונצײַטיגער
בעזוך. ,,די דאַמאַסקינע יופּע מיט שפּאַניע,
דאָס שטערנטיכל, דער א, מיט דער קייט...
זענען איבערגעגאַנגען פֿון איין דור צו דעם
אַנדערן'', ארז, קמ, 20 l870, No. ,,זײַן ווײַב...
מיט עטלעכע שנירלעך פּערל און אַ גילדענעם
א, אויפֿן האַלדז...ציט די פּרנסה פֿון אַ
געהויבן שענקל'', ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ,,אַ

ייִדענע אין אַ שטערנטיכל, אַראָפּגעהאָנגענע אוירינגלעך און אַ ברוסטטיכל מיט אַן א',,, פּרץ, חסידיש.
2. מעדאַל, סימן פֿון אַן אויסצייכענונג, צייכן פֿון אַ הויכן אַמט. ,,ווען מען אַן א, אויפֿן האַלדז, ווען מען אַ יאָך אויפֿן האַלדז", שוו. ,,דאָרט וואו עס איז דאָ צו פֿאַרדינען כּבֿוד, אפֿשר גאָר אַן א, אויפֿן האַלדז, אַ צלמל אויף דער ברוסט — עס זאָל קלינגען אין די גויאישע צײַטונגען", יצחק לעווינסאָן, ייִפּאָל, 1882 ׀ 6. ,,אַנשטאָט די בת־מלכּות איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ סאָלדאַט מיט אויבעלעך,,, ממוס, מטעות. ,,זיי זענען געווען אַ חידוש צווישן די אַלע בעלי־מלאָכות...דאָס אייגענע טאַקע וואָס אַ ייִד מיט אַן א, דענסטמאָל, אָדער אַ ייִד מיט אַ 'פּאָטאָמסטוואָ, דערנאָך,,, ממוס, שלמה. ,,דעם סקולער רבּס ווערטער דאַרף מען אײַנפֿאַסן אין גאָלד און טראָגן אויפֿן האַלדז פֿאַר אַן א", פּרץ, 'די סקולער רביצין'. "מײַן פֿאָטער איז צוריקגעקומען [נאָכן בירגערקריג], געהאַט אַ פֿולע ברוסט מיט א'ען (מעדאַלן)", אָפּא, 'נאָכן זומער'.
3. רונד, קײַלעכדיק שײַבל פֿון אַ מער, אַ 'רענדל, פֿון אַ מער (געוויינטלעך בלויז מצ).

א'ען אין האָניק; גאָלד־ברוינע א'ען. ,,שׂמחתתּורה בײַטאָג דער צימעס פֿון א'ען, אין רונדע שײַבן געשניטענע מערן'', קמ, 1866, No 5.

אויבן — אַדוו. Mhd: obe. 1. ווײַזט אויף אַן אָרט (טייל פֿון אַ זאַך) וואָס איז הויך

אויבּן

אָדער העכער פֿון אַן אַנדער אָרט אָדער אַנדער טייל פֿון אַ זאַך; היפּך פֿון אונטן. ,,דער פֿונדאַמענט איז אונטן, דער דאַך איז א''. א, אויף די צווײַגן פֿון בוים; א, אויפֿן שפּיץ באַרג; א, אויף דער פּאָליצע, אויף דער באַנק אאַזוו. ה ע ט א'. וו ײַ ט א..

2. ווײַזט אויף אַ באַשטימטן העכערן טייל פֿון אַ בנין, אויף אַ צווייטן אָדער העכסטן גאָרן. ,,די וואוינצימערן זײַנען אונטן און די שלאָפֿצימערן — א',.. ,,און א', אין אַ סאַליע אַ שיינער, שפּילט די שענסטע, בעסטע מוזיק,,, אבג, 'דער יוד אין קיִעבֿ, [הש I].

3. אין די העכערע ספֿערעס, אויפֿן הימל. ,,גאָט לעבט א, און מיר מוטשען זיך אונטן'', שוו. ,,צו דאַנקען און צו לויבן דעם וואָס זיצט

א,“, שוו. „דער מלאך גבֿריאל שרײַט א, זעקס קולות אויס„, ממוס, שלמה. „דורכדעם וואָס דאָס שלעכטס ווערט באַהעפֿט אין זײַן נפֿש, מאַכט ער אַ פּגם א,“, תּניא, 180. אַ פּאָ.

וו(י)עסטקע פֿון א, = אַן אָנזאָג, אָנצוהערעניש אַז מע רופֿט צו קומען א'. „ער האָט שוין געהאַט אַ פּאָוועסטקע פֿון א„, געהאַט אַ האַרצאַטאַק“. „גאָט זיצט א, און פּאָרט אונטן„, איר וועגן אַ פּאָר, זיווג וואָס זעט אויס ניט־גלײַך. „...און פּאָרקעט אונטן“ = דז, נאָר גראָב.

4. ווײַזט אויפֿן העכערן מצבֿ אין געזעלשאַפֿט, העכערער מדרגה אין אַ ריי ווערטן. „דער תּלמיד־חכם איז געווען בײַ ייִדן גאָר א', דער עם־האָרץ — אונטן“. „א, איז געהויבן“, שוו. „אונטן און א, — איין גלויבן“, שוו. „ אַן איז בײַ די טויבן, אָבער דער פּאַן איז י

א'“, שוו [= דער פּשוטער פויער קען טאַקע פֿיזיש זײַן העכער, אָבער דער פּריץ איז תּמיד געזעלשאַפֿטלעך העכער]. „קיינער שטייט נישט א', קיינער אונטן: אַלע אויסגעגלײַכט, אין טרערן אויסגעפֿײַכט„, צײַט, מטטרון.

5. פֿון דרויסן, אויף דער אייבערפֿלאַך.

,,א אַ שמייכל, אונטן אַ ווייטיק“, שוו. ,,א,

אַ גלאַנץ, אונטן אַ טאַנץ“, שוו [= די בּגדים גלאַנצן, אָבּער אונטער זיי טאַנצן פֿליי].

6. פֿרִיער (געזאָגט, דערמאָנט אָדער אָנגעשריבּן, געדרוקט העכער אויפֿן בויגן, אין דער מגילה). ,,מיר האָבּן עס א, דערמאָנט,,; דאָס א'־דערמאָנטע, א'־אויסגערעכנטע. ווי א, געזאָגט, דערמאָנט, אָנגעוויזן אע. ,,...רעט וועגן דאז אנדרי יונגל וויא איך איַך אובּן גישריבּן האבּ“, פּראָגבּ, 31. “און די שווערד האָט דריַ כּוחות...און ער האָט אויסגערעכנט די דריַ כּוחות וואָס א, איז געשטאַנען“, נחבֿ, 'מעשׂה מבּעל תּפֿילה'. 7. וויַזט אויף דעם וואָס איז העכער אויף דער מאַפּע, מער אין צפֿון, אָדער אויפֿן העכערן, ערשטן טייל פֿון אַ שטראָם, טיַך. ,,מע האָט אים פֿאַרשיקט א', קיין אַרכאַנגעלסק“, רייד. ,,מע זאָל יִדן פֿון אַלע שטעט א, בּיַים ריַין אויסטרייַבּן“, יִפֿאָל, 1882 II 11.

*א, ליגן — אַרכ, זיַין דער זיגער. ,,רבּי עקיבֿא...העט בּחרפּה גימאַכט [טורנוס רופוסן] פֿר דען קיסר, ווען ער הוט מיט אים מפֿקיח גוועזן, זוא איז ער מיר אַל צייַט אובּן גילעגן,,,

מבֿ, מעשׂה ע.
אויבֿן — דער, ־ס. סובֿ פֿון אַדוו אויבֿן ←.
1. העכערער, דרויסנדיקער טייל; הימל;

העאויבֿנאוי

כערע געזעלשאַפֿטלעכע שיכט; אייבערפֿלאַך;
קאָפּ פֿירערשאַפֿט. גוט, פֿעסט אאַ פֿון א,

,
ביז אונטן. *דער א, איז ניט אויפֿגעראַמט
= דער קאָפּ איז ניט אין אָרדענונג. *דאָס
קומט פֿון א, = א) פֿון הימל; בֿ) פֿון דער
העכערער מאַכט. „אַז דער אונטן וואַקלט זיך
איז דער א, ניט זיכער“, שוו [וועגן אַ בנין
און אויך וועגן אַן אינסטיטוציע, אַ
געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג]. 2. (שנײַדעריש)
העכסטער פּאַס, טייל, פֿון אַ פּאָר הויזן.
רוסישער א, = געמאַכט צו טראָגן מיט אַ באַזונ,
דערן פּאַסיק. פֿראַנצייזישער א, = מיט אַ

טיילווײַזן פּאַסיק פֿון דעם זעלביקן שטאָף.
3. (חזניש) הויכע טענער. „דער חזן האָט אַ
גוטן א„„. “...די א'ס און די אונטנס וואָס אַ
מײַסטער באַקומט אַרויס [פֿון אַ כלי]“, ייִט,

טאָג, 18 1961 .III
אויבּנאויף[— [אויבּנאו'ף, לד; אויבּנאָ'ף, פּד;
וי בּלויז אין כּללישן אַרויסרייד....'אָי] אָדוו.
צונויפֿשמעלץ אויבּן + אויף. 1. פֿון אויבּן,
אויף דער אייבּערפֿלאַך. „דער בּריוו ליגט דאָ
א„.. „דער ים איז רואיק א„.. „מיסט (טינוף)
שווימט (אַרויף) א'“, שוו. 2. אָן פּרטים,
אין אַלגעמיין. „...אים אַזוי זיך פֿון א, אַ
פּרוּוו געטאָן, אַ פֿרעג געגעבּן“, ממוס,
ווינטשפֿ. 3. אָן אַ טיפֿערן אַרײַנדרינגען,
אויפֿן סמך פֿון אַלגעמיינעם אײַנדרוק. *אַ
טאַפּ טאָן אין וואָגן א, = אויך: קאָנטראָלירן
אייבּערפֿלעכלעך. בּאַרירן (בּאַטראַכטן) אַן ענין
א'. געבּן אַן ענטפֿער א'. „ער נאַרט זיך, ער
נעמט די השגה א', אָן אַ פּנימיות“, לדבּ. „א,
נעפֿעלט מיר דײַן פּלאַן“, רייד. 4.
דורכזיכטיק, קלאָר, פֿאַרשטענדלעך אָן גריבּלען זיך.
דער חשבּון, דער מיין, דער אמת איז א.. דער
ענטפֿער (די תּשובֿה, די כּוונה, דער מיין אע)
ליגט (געפֿינט זיך, זעט זיך אע) א'. א, ווי
אויף אַ טעלער, ווי אויף דער האַנט; א, ווי
שוואַרץ אויף ווײַס. „דער תּירוץ איז פֿון
אויבּן אָף — ער האָט אויסגעטרונקען בּראָנפֿן
אַ שטאָף“, אבּג, ,דער יוד אין קיִעבֿ, [הש I].

„אַזוי ווי פֿון פּסוק דאָס הייליקע וואָרט...
די בּוונה זייערע איז א„„ ממוס, שירה.
אויבּנאוי'ף; — דער, ־ן. סוב פֿון אַדוו
אויבּנאויף ←. דרויסנדיקער אָדער
אייבּערפֿלעכלעכער טייל פֿון אַ זאַך, ענין, כאַראַקטער,
פּראָבּלעם; דאָס אַלגעמיינע, אָנפּרטימדיקע; דאָס
וואָס ווערט גלײַך דערזען, פֿאַרשטאַנען; דאָס
קלאָרע. אַ פֿאַרפֿירערישער, אינטערעסאַנטער
א'. גוט אָפּאַרבּעטן נאָר דעם א'.
אויבּנאויפֿיק — אַדי. ← אויבּנאויף, אַדוו.
וואָס איז פֿון אויבּן, אויף דער אייבּערפֿלאַך;
וואָס ווערט געגעבּן אָן פּרטים, אין אַלגעמיינע
שטריכן; אייבּערפֿלעכלעך, ניט־גרינטלעך,
אומפֿאַרטיפֿט; איינזײַטיק; אויגנשײַנלעך, ניכּרדיק.
א'ער חשבּון; א'ע אמתן; א'ער פּלאַן, א'ע
כּוונות. „די דאָזיקע טעאָריע האַלט ניט אויס
אַפֿילו די א'סטע קריטיק“, ח. ד. הורוויץ, פּנקס,
ווילנע, תּרע„ג. „דאָס אַלץ איז קלאָר, א, און
ממילאדיק„„ ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921.
אויבּנאויפֿיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויבּנאויפֿיק. א,
פֿון בּאַטראַכטן עפּעס; א, פֿון אַן אמת.

אויבּנאָ'ן — אַדוו. צונויפֿשמעלץ אויבּן + אָן (קאָנוועדבּ). 1. אויפֿן ערשטן, העכסטן אָרט. זיצן, זעצן א'. זיצן א, ווי דער רבֿ, ווי דער פּרנס, ווי אַ חתן, ווי דער גבֿיר אע. „ניט איטלעכער וואָס זיצט א, איז אַ פּאַן“, שוו. „אַ פּרנס מעג זײַן גרויס ווי אַ האָן, זיצט ער פֿאָרט א'“, שוו. „אָנגעלענט בּײַם טיש א, זיצט די קימפּעטאָרין אָנגעטאָן„, עט, לידער. „דעם אבֿיון זעצט ער בּײַם שבּתדיקן טיש א,“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 2. אין דער ערשטער ריי, אויף דער ערשטער בּאַנק. זיצן א, אין סאַמע מזרח־וואַנט לעבּן אָרונקודש. זיצן א, אין טעאַטער, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, אַסיפֿה אע. „א, [איו מרחץ] זיצן מיוחסש, נגידים, לײַטישע מענטשן און שמועסן עסק„, ממוס, פֿישקע. „דו דאַרפֿסט נישט קענען לערנען...ווערסט סײַוויסײַ זיצן מיט דײַן טאַטן אין קאָצק א'„, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.

3. אויף דער העכסטער, וויכטיקסטער פּאָזיציע. „פֿון דער חופּה א', אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן„, פֿל. „בײַ 'בואי בשלום, שטייט דער אָרעמאַן א'", שוו [ווײַל דער עולם דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער טי]. „ווער עס זיצט אויבן וואָגן א, פֿאַלט אויך צומערשטן אַרונטער„, שוו. „דער שמש שטייט

אויבנאָ'ן — דער, ־ען (־ס נר). סוב פֿון אַדוו א'", שוו [דער שמש פֿון חנוכּה־ליכטלעך].

אויבנאָן ←. ערשטע(ר), העכסטע(ר), וויכטיקסטע(ר), חשובֿסטע(ר) אָרט, פּלאַץ, ריי, פּאָזיציע. „וואו דער חתן זיצט דאָרטן איז דער א'", שוו. „אין צענטער פֿון אונדזער יחוס שטייט נישט דער א, פֿון קאַבצאַנסקער בּיתעולם", בעל־מחשבֿות III. *פֿאַרנעמען דעם א, = זײַן אין (שפּילן) אַ פֿירנדיקע(ר) ראָלע. „נײַע מענטשן פֿאַרנעמען איצט דעם א'", רייד. פֿאַרנעמען דעם א, צווישן לומדים, צווישן חבֿרה דרײַ פּא'ען [פֿייען]. „צווישן שקלאָווער משוגעים פֿאַרנעמט [זי] דעם א', ווײַל זי איז אַן אײַנגעבירגערטע משוגענע„, זש, נח פּאַנדרע. *קריכן צום א, = זיך מיִען פֿאַרנעמען אַ

פֿירערישע פּאָזיציע, שטרעבן צו כּבֿוד (אויף אַ קאָמישן אָדער אומעטישן אופֿן). „...הגם ער קריכט נישט צום א, און רײַסט זיך נישט אויף די ווענט“, שע.

אויבנאָן־באַנק — די,...־בענק. 1. יעדער מין באַנק וואָס איז אויבנאָן, באַנק אין דער ערשטער ריי. אַ פּלאַץ אויף דער א,־ב.. 2. ספּעצ די ערשטע באַנק אין דער ווײַבער(י)־שער שול [ווי די מזרח־באַנק אין דער מענער(י)שער]. „די זאָגערקע איז ניט געשטאַנען דווקא בײַ דער א,־ב', נאָר גראָד אין מיטן, אַז אַלע ווײַבער זאָלן זי בעסער הערן,,, רייד. „[אין דער ווײַבערשער שול] האָט ער דעם בורנוס...אַנידערגעלייגט אויפֿן א'־ב'“, ייִפּאָל, 1888, No l5, בײַלאַגע.

אויבנאָניק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אויבנאָן, שפּילט וויכטיק(סט)ע ראָלע; פֿירעריש. ▯ ער האָט געמוזט זײַן אומעטומיק, אַ סך מאָל קעגן זײַן ווילן — א, און אָנפֿירעריש“, יג, איק, .195▯

אויבנאָן־שטאָט — די,...־שטעט. שטאָט (אָרט, פּלאַץ) אין שול, בית־מדרש, בײַ דער מזרח־וואַנט. קריגן בירושה אַן א'־ש'.

אויבן־אַראָפּ — צגז אַדוו. פֿטמ. פֿון אויבן
אויף אַראָפּ. קוקן א,־אַ, אויף עמעצן [פֿרגל:
קוקן פֿון אויבן (אויף) אַראָפּ].
אויבן־אַראָ'פּיק — אַדי. נעאַל. וואָס איז
(קומט, קוקט) פֿון אויבן־אַראָפּ; וואָס האָט
אין זיך גאווה, וואָס דערשאַצט ניט. „נעמט
מיך נישט איַין מיט א'־אַ'ע רייד", יג, איק, 1960.
אויבן־אַראָפּיקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.
אייגנשאַפֿט פֿון זיַין אויבן אַראָפּיק ←. „ייִדישע
-

שרייַבער האָבן זיך געלאָזט פֿירן פֿון זייער
משׂכּילישער א'־אַ, צו דער געמאַטערטער
עקסיסטענץ...„, יג, תּוך.
אויבן־אַרום — צגז אַדוו. פֿון אויבן און
אַרום. „שטעלט זיך אויפֿן גאַניקל וואָס קעגן
פֿענצטער און קוקט אַריַין א אַ'".

אויבן־געבראַכט (געבּרענגט) — אַדי.

וואָס מע האָט שוין פֿריִער דערמאָנט, ציטירט, אויסגערעכנט (בײַ דעם זעלביקן שרײַבן).
א׳־ג׳ע שורות, ציטאַטן, נעמען אאַזוו.
אויבנדיק — אַדי. [אַזוי ווי אויבן איז בלויז אַן אַדוו, ווערט געשאַפֿן דער אַדי פֿון אים מיט דער הילף פֿון סופֿיקס ־דיק]. 1. וואָס איז (ליגט, געפֿינט זיך) אויבן. אַראָפּנעמען די א׳ע ברעטער. 2. אויבן־דערמאָנט, אויבנגעבראַכט. „באַטראַכט די א׳ע טאַבעלע און איר וועט זען...“.
אויבן־דערמאָנט (דערמאַנט) — אַדי. וואָס מע האָט שוין פֿריִער געשריבן וועגן דעם, אָנגעוויזן אויף דעם (צדריק מיט אַ פּאַראַגראַף, זײַט). „„אַחוץ די אַלע א׳־ד׳ע תּאוות שלמהלעס...איז די תּאווה פֿון ׳נעכטיקן, אויף דער קוואַרטיר געוועזן זייער גרויס„ ממוס, שלמה.
אויבנהין — אַדוו. אַרכ. אויבנאויף, נאָר פֿון אויבן, אויבנאויפֿיק. „„...דז זיין ערבייט [= אַרבעט] גשיכט אובן הין שלעכט“, מראה המוסך, פּראָג 1614, טו/ב.
אויבנוואָרצל — דער, ־ען. טייל פֿון געוויקס וואָס איז צווישן דעם שטאַם און דעם צעצווײַגטן אָדער צעפֿעדעמטן טייל פֿון וואָרצל. אויסגראָבן דעם א׳. ד. האָכבערג איבז, שמייל,

געוויקסן.

אויבן־ציטירט — אַדי. וואָס מע האָט שוין
פֿריִער בײַם שרײַבן געבראַכט אין פֿאָרעם פֿון
אַ ציטאַט. א'־צ'ע שורות, רייד.

אויבס — ← אויפּס.

אויבע — קאָנ. פּטמ, לד, אוקר. דזוו אויב ←.
Mhd: obe. „ווער דען זאָל האָבן דעם עק,
א, ניט די קאָץ אַליין?“, שווי „נאָר א', מײַן
זון, דײַן געדאַנק איז אַן אַנדער“, סוצ, ג□ [.־
היימשטאָט.

אויבער — קאָנ. דזוו אויב ←, אויבע ←.
[פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרעם אין אַ צאָל וורר,
אוקר. אין ליטעראַטור זן]. „און אויבער עס
וועט דיך באַגליקן, און זײַן וועט דײַן ליד
אַזוי הפֿקר און זויבער“, ע. קאָרמאָן.

אויבער — אַדי. [אַ מין קאָמפּאַראַטיוו צו אַ
ניט־פּאַראַנענעם פּאָזיטיוו און צום
סופּערלאַטיוו ,אויבערשט,]. < אָבער (דטשמ) ←. וואָס
איז מער אויבן, העכער. „[ער] ווענדט זיך
אָפּ פֿון דער שפּראַך...אָן געלט און אָן כּוח,
אָן אַן א'ע פּאָליטישע מאַכט„, בעל־מחשבֿות II.

□

אויבער — דער, ־ס. 1. ← אייבער, דער.
2. אייבערקעלנער [נר ווי אַ פּרוּוו צו
פֿאַרבײַטן 'אָבער', דער ←.]
אויבער — דער & די. ← אייבער, דער & די
(אין קאָרטן).
אויבער־ — ווי דער ערשטער טייל פֿון
צונויפֿהעפֿטן און פֿאַרבינדונגען. ← אייבער־. [
ווערטער מיט אויבער־ האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט
אין ליטעראַטור און פּרעסע, אָבער אין
לעבעדיקן לשון פֿאַראַן בלויז דיאַלעקטיש: אין דעם
פּאַס צווישן לד און פּד — בריסק, צום טייל
ב אַליסטאָק און אומג, — און אין אַ צאָל
׳
וורר און אוקר וואָס גרענעצן זיך. אַפֿילו ווען
די אײַנגעבירגערטע ווערטער ווערן
אַרויסגערעדט מיט אייבער (אייבער־שמשׂ,
אייבערשטיבל אע), איז פֿאַראַן אַ טענדענץ
אַרויסצורעדן אויבער־, ווען דער צווייטער טייל איז אַן
אינטערנאַציאָנאַליזם (אויבער־קאָנטראָל,
אויבער־אינקוויזיטאָר אע); דאָס קומט מחמת דער
השפּעה פֿון פֿאַרשפּרייטן אויסלייג, נר].

אויבעריקייט(?) — די. אַרכ. העכערע מאַכט, מלוכה־מאַכט [← אויבערקייט]. „איר מוזט צו זעהין...דאש אײַך דיא אובריגקייט אין האמבורג רשות גיבט, דאש איר אין דען רוצח זיין בית נאָך דען הורג זוכט“, גה, 242.

ל□ל□רס אויך לייענען ,אָבריקייס'].

[מע ק□ן

ך — אַדי. דטשמ. דזוו

אייד ס וו

אויבערס

בערפֿלעכלעך, אויבנאויפֿיק.

אויבערקייט — די. [פֿרוּוו איבערצוגעבן דאָס דײַטשע וואָרט obrigkeit]. מלוכה־מאַכט, נאַטשאַלסטווע. „בײַ אַלע פֿרײַהייט פֿון קייזער און א„ זײַנען שוין בײַ ייִדישע קינדער די אויגן רייִן„„ ליאָנדאָר, בש, 1887.

אויבערשט — אַדי. ← אייבערשט. [פֿאַראַן פֿרוּוו אונטערצושיידן צווישן: אייבערשטער = דבונו־של־עולם און אויבערשטער = העכסטער, וואָס איז סאַמע אויבן. „אַ דאַנק דעם אייבערשטן, מיר האָבן שוין אויפֿגעשטעלט דעם אויבערשטן גאָרן“, רייד.]

אויבערשטער — דער. ← אייבערשטער.

אויבֿ — [אוי'יעוו] דער, ־ים. אַ סך מאָל אין

תּנך. אין ייִדיש זן. שטאַרקער, פֿאַרבּיסענער שׂונא. „דער חילוק צווישן א, און אוהבֿ איז נאָר דער איין יוד„ [ווערטל, אויפֿגעקומען וואו מע רעדט ניט אַרויס קיין ה; = מע ווערט אַ שׂונא ווי נאָר מע דערוויסט זיך אַז מע האָט צו טאָן מיט אַ ייִד].

אויבֿ בנפֿש — [אוי'יעוו ביינע'פֿעש] דער, אויבֿים... < תּהלים, יז, 59 'איבֿי בּנפֿש'. בּלוטפֿײַנד, טויטפֿײַנד, שׂונא וואָס איז גרייט אומצובּרענגען. „פֿאַראַן א'ים בּ, פֿון מדינת ישׂראל„, רייד.

אויבֿ־הינם — [אוי'יעוו־כי'נעם] דער, אויבֿי־... [אוי'יעווי־...] < איכה, ג, 52: 'איבֿי חנם'. אומזיסטיקער פֿײַנד, שׂונא אָן אַ סיבּה. „אַן א'־ח, איז שווער איבּערצובּעטן“, שוו.

אויבֿ־שקר — [אוי־יעוו־שע'קער] דער, אויבֿי־... [אוי'יעווי־...] < תּהליס, סט, 5: ,איבֿי שקר'.
1. פֿײַנד פֿאַר גאָרנישט; פֿאַלשער שׂונא.
2. (מיט שינוי אין בּ) ווער עס האָט פֿײַנט פֿאַלשקייט, ליגנס. „אַ דובֿר שקרים איז ניט קיין א'־ש'“.

אויג — דאָס, ־ן. פּקפֿ אייגל. Mhd: oug.

1. זע־אָרגאַן בײַ מענטשן און בעלי־חיים; נעמט אַרום דעם דרויסנדיקן און דעם אינעווייניקסטן טייל פֿון אָרגאַן. ,,וואָס דאָס א, זעט — דאָס האַרץ בעט,,; ,,דאָס א, איז קליין, דאָך זעט עס די גאַנצע וועלט“; ,,דאָס א, איז אַ קליין לעכל און שלינגט אײַן די גאַנצע וועלט“, שוו. (ניט) זען פֿאַר (אין) די א'ן. ,,איך האָב עס אין די א'ן ניט אָנגעזען,,. ,,זאָל איך אַזוי זען מיט מײַנע א'ן,, — בײַם שווערן זיך. קללה: ,,זאָלן אים אַרויס די א'ן“.

2. דרויסנדיקער טייל פֿון זע־אָרגאַן: דאָס ווײַסל, דאָס רעגנבויגן־הײַטל, דער שוואַרצאַפּל; די אויגן־לעפּלעך. עפֿענען פֿאַרמאַכן,

,

צומאַכן, אויפֿהייבן, אַראָפּלאָזן די א'ן; האַלטן אָפֿן די א'ן. די א'ן קלעפּן זיך פֿאַלן צו;

,

גלאָצן, פֿאַרגלאָצן, פֿאַרגלייזן די א'ן. אָפֿענע, ברייט צעעפֿנטע, פֿאַרמאַכטע, פֿאַרשלאָפֿענע א'ן. די א'ן זײַנען אָפֿן, זײַנען צו פֿאַרמאַכט.

,

,,דער קאָפּ איז פֿאַרוואָרפֿן אַרויף, די א'ן צו, אויפֿן פּנים זעט מען התפּעלות מיט

התרוממות,,, שע, פֿונעם יאַריד I. אַגרעס־, מאַנדל־ פֿלוימען־, קאַרשן־א'ן. בּיר־א'ן.
בּור,
שטין־א'ן. ,,עס שטעלן זיך טרערן אין די א'ן,,,
,,ס'איז אויף מײַנע א'ן קיין שלאָף ניט
געקומען‟. ‟זאָגט צו אים דער רבּי מיט איין
א, (דאָס אַנדערע א, שלאָפֿט שוין)‟,שע, לכּבֿוד
יום ▯ טובֿ II. ,,איין אויג מוז (וויל, דאַרף) אויך
שלאָפֿן,,, שוו [= ווען ס'איז פֿאַראַן ווײ ▯.־
קער ווי מע דאַרף, מוז מען דאָך האָבּן דאָס
נייטיקסטע צום לעבּן]. ,,רויך עסט אויף די
א'ן,,. ,,שאַנד איז ניט קיין רויך — זי עסט
די א'ן ניט אויס‟, שוו. ,,האָסט ניט וואָס צו
טאָן? נעם אַ שפּילקע און גראַבּל דיר אין די
א'ן‟, פֿוול [צו איינעם וואָס שטערט]. ,,כּל־זמן
אַ מענטש האָט (האַלט) די א'ן אָפֿן [= כּל־זמן
ער לעבּט], זאָל ער נאָך האָפֿן,,, שוו.
3. דאָס רעגנבּויגן־הײַטל פֿון א', דער
איריס. שוואַרצע, בּרוינע, טונקעלע, שאַרע, גרויע, העלע, בּלויע, גרינלעכע, געמישטע, קאָלירלאָזע
אאַ א'ן. ,,דאָס קלייד פּאַסט זיך צום קאָליר
פֿון די א'ן,,.
4. בּליק; עצם אַקט פֿון זען. די א'ן לײַכטן,
שײַנען, גלאַנצן, פֿלאַקערן, בּרענען, טונקלען

זיך, לעשן זיך אאַזוו. דערזען דעם טאָג (די
וועלט, די ליכטיקע שײַן) פֿאַר די א'ן. ס'גייט
אויף אַ ליכט אין די אויגן. ס'ווערט אַ ליכט
(ליכטיק) פֿאַר די א'ן. באַגלייטן, זוכן מיט די
א'ן; (דורכ)שטעכן, דורכשפּיזן מיט די א'ן.
אָפּמאַרקירן, אָפּשאַצן, טרעפֿן, געפֿינען,
אָפּזוכן מיט די א'ן. קוים מיטן א, צו דערזען,
צו דערכאַפּן. מע קען מיט אַן א, ניט
דערוואַרפֿן = ניט דערבליקן. די א'ן רוען ניט,
וואַרפֿן זיך, בלאָנדזשען, קאָנצענטרירן זיך,
שטעלן זיך אָן אאַזוו. שפּיציקע, שײַניקע,
גלאַנציקע, שפּיזלדיקע פֿאַרלאָשענע, טריבע,

,

ליכטיקע אאַזוו א'ן; ביסטרע, גנבֿישע, גזלנישע,
ממזר(י)שע, געממזירטע א'ן. בלינדע,
סגינהור־א'ן. האָבן (דערלאַנגען, גרייבן) וואָס אַן
א, קען זען = אַלץ. „דער בלינדער האָס זײַנע
א'ן אין די שפּיץ (שפּיצן) פֿינגער„, שוו. „פֿאַר
גאָטס א'ן קען מען זיך נישט באַהאַלטן“, שוו.

אָינ

“צוּוואָס גלייבן אַז ס'זײַנען דאָ א'ן?“, שוו.
„אַז מע מאַכט צו די א'ן — זעט מען אַ רוח“,

שוו.

5. אויסדרוק פֿון שטימונג און איבּערלעבּונג דורכן בּליק. ← בּ4. גוטע, זיסע, מילדע, בּייזע, קלוגע, גלײַכגילטיקע, אומרואיקע, לויפֿנדיקע; וויינעדיקע, לאַכעדיקע, צניעותדיקע, אומפֿאַרשעמטע אאַ א'ן. ייִדישע, גויאישע א'ן. רחמנות, גינציקייט, חשק, בּאַגער, בּקשה, גלײַכגילטיקייט, אומרואיקייט אין די א'ן. „עס ווײַזט זיך אַ פֿײַערל אין די א'ן“.

„איו זע אין דײַנע א'ן אַז דו בּיסט...„; ▯ דײַנע א'ן זאָגן אַלץ אויס“. „דאָס א, דערציילט וואָס דאָס האַרץ מיינט“, „די א'ן זײַנען דער שפּיגל פֿון דער נשמה“, שוו. *א'ן בּרענען, צינדן זיך אָן = פֿון פֿרייד, בּאַגײַסטערונג, כּעס אאַ. „מיט וואָס פֿאַר אַן א, מע קוקט איינעם אָן — אַזאַ פּנים האָט ער“, שוו [= דער אײַנדרוק וואָס אַ מענטש מאַכט אויף אונדז איז אָפּהענגיק פֿון אונדזער בּאַציאונג צו אים]. * ס'איז אים אין די א'ן ניט אַרײַנצוקוקן = זיי שײַנען, זיי פֿאַרבּלענדן. “דער מענטש שווײַגט און זײַנע א'ן רעדן“, שוו. „אַ מענטש אין די א'ן אַרײַן קען מען קוקן, אָבּער נישט אין האַרצן“, שוו [דה ניט שטענדיק דריקן די אויגן אויס די אמתע איבּערלעבּונ▯]. „א'ן

בײַ מענטשן זענען אַ גרויסע זאַך. וואָס אַ
מענטשנס א'ן קענען אײַך אַמאָל זאָגן אין
איין מינוט — וועט אײַך דאָס מויל ניט
אויסרעדן אין קיין טאָג“, שע. „אַ יונגערמאַן...
מיט גרויסע, שוואַרצע רחמנות־א'ן...אַזעלכע
א'ן וואָס בעטן זיך: האָט רחמנות“, שע,
מאָנאָלאָגן. „זיי...קוקן זיך אָן: ער מיט
גלעזערנע א'ן פֿאַר שרעק, זי — מיט
ברענעדיקע פֿאַר כּעס“, פּרץ, אַ כּעס פֿון אַ ייִדענע'.

6. פֿעלד פֿון זען, דאָס געזעענע. עס שטייט,
מע שטעלט עס פֿאַר די א'ן; פֿאַר אַלע(מען)
אין די א'ן; ס'איז געשען פֿאַר מײַנע א'ן;
עס ליגט פֿאַר די א'ן; ווי ווײַט דאָס א,
קען זען (דערלאַנגען, כאַפּן, אויפֿכאַפּן אאַ);
ווײַזן □רוקן, שטופּן) אין די א'ן אַרײַן; ליגט
(געפֿינט זיך, ווערט דערלאַנגט) פֿאַר די א'ן ווי
אויף אַ טעלער, ווי אויף דער האַנט, פֿפֿ.
אַוועק פֿון מײַנע אויגן! „אויס (ווײַט פֿון)
די א'ן, אויס (ווײַט פֿון) דעם האַרצן„ [פֿון
אַ בּריוו פֿון ירושלים, 1566, בּײַ אסף, מקורות
ומחקרים בּתּולדות י□tראל, ז, 236: „אויז דען
אויגן אויז דען הערצן„; פּראָגבֿ: „אויש דען
אויגן, אויש דען הערצין“; יא, שטערנטיכל:

פֿון די אויגן פֿונעם האַרצן,,]. *גיי מיר אויס

” ’
די א'ן = א) פֿאַרשטעל ניט וואָס איך וויל
זען; ב) טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען. ,,איידער
מע ווערט זיבעציק יאָר קומט אַלץ פֿאַר די
א'ן,,; ,,אין די א'ן קען מען אַרײַנקריכן, אָבער
ניט אין האַרץ,,, ,,איין א, האָט מער גלויבן
ווי צוויי אויערן“, שוו. ,,דאָס א, (די אויגן)
וויל(ן) אויך עפּעס האָבן“, שוו [= דאָס
דרויסנדיקע דאַרף אויך זײַן וויכטיק. בײַ אַ
שידוך: יחוס אָדער קעסט איז נאָך ניט גענוג,
די כּלה דאַרף זײַן שיין]. [דער מדרש אויף
'בלתּי אַל המן עינינו, (בּמדבּר, יא, 6) טײַטשט
אויס אַז באָטש דער מן האָט געהאַט דעם

אויג

טעם פֿון יעדן מאכל וואָס מען האָט נאָר
געוואָלט עסן, האָט ער געהאַט נאָר איין
אויסזען, און מיט דעם איז דאָס פֿאָלק אין מדבּר
געווען אומצופֿרידן].

7. כּוח צו זען, מדרגה פֿון חוש־הראיה, פּינקטלעכקייט פֿון זען. שלעכטע, שלאַפֿע, שוואַכע, קאַליע, גוטע, שטאַרקע, שאַרפֿע א'ן.

„ער האָט אַ גוט א, און טרעפֿט אין ציל“.
“וואו זײַנען געווען דײַנע א'ן?“ [— פֿאַרוואָס

האָסטו ניט באַמערקט?]. דאָס א, פֿון אַ
מײַסטער (אַ קאַליקע, אַ פּאַרטאַטש, אַ קינסטלער
אאזוו). דאָס נאַקעטע א', דאָס בלויזע א,
= אָן ברילן, אָן פֿאַרגרעסער־גלעזער. וויפֿל
דאָס נאַקעטע א, קען זען (גרייכן, אויפֿכאַפּן
אאַ) = וויפֿל מע קען זען אָן הילף פֿון
מעכאַנישע מיטלען. דאָס א, פֿון אַ זײַטיקן. „
צוּוואָס גלייבן, אַז עס זײַנען דאָ א'ן?“, „צוויי
א'ן זעען מער ווי איין א'„ פֿיר א'ן זעען
„ ,
מער ווי צדויי“, שוו [= אויף צוויי עדות קען
מען זיך מער פֿאַרלאָזן ווי אויף איינעם].
„וועגט האָבן אויערן, גאַסן האָבן א'ן“, שוו.
[פֿרגל: „עינים להרים ואזנים לכתלים„, מדרש
'פּרקי רבנו הקדוש'.] “ווער עס האָט א'ן לאָז
זען, ווער עס האָט אַ האַרץ לאָז פֿאַרשטיין
וואָס אויף דער וועלט טוט זיך“, נחב. ס'האָט
מורא פֿאַר אַן א, = אַ זײַטיקער דאַרף עס
ניט דערזען.
8. אינטערעס, באַגער, פֿאַרלאַנג,
אַרויסגערופֿן דורך דעם געזעענעם. ער האָט אַן א,

פֿאַר דער זאַך (פֿאַר איר אאזוו). „די א'ן זײַנען ווײַטער פֿון האַלדז“; „די א'ן זײַנען גרעסער ווי דאָס מויל (דער האַלדז, דער מאָגן)“; „וואָס די א'ן גלוסטן סטײַעט נישט די קעשענע“, שוו. “ווען די א'ן זעען ניט, טוט ניט וויי דאָס האַרץ“; „די א'ן זאָלן ניט זען, וואָלטן די הענט ניט גענומען„; „וואָס די א'ן זעען — נעמען די הענט“ [וועגן אַ גנבֿ]; „ווער עס זינדיקט מיט די א'ן, ווערן זיי אים טונקל אויף דער עלטער“, „איין א, שאַט דער גאַנצער באַק“, ש וו. “עס ווערט באַשערט וואָס דאָס א, באַגערט“, פּרץ, איבּז קהלת. „קבֿר און גיהנום ווערן ניט זאַט, אַזוי קען זיך דעם מענטשנס אויגן ניט אָן זעטיגן“, מס, משלי, תּקע„ד, כז, 20 [פּרגל: „אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות“, סוטה, ח/א, סנהדרין, מה/בּ].

9. קוקווינקל, שטאַנדפּונקט; אײַנשטעל; ווילן. אין מײַנע א'ן האָט עס אַ (ניט קיין) ווערט. בײַ מיר אין די א'ן איז זי שיין. גוט, ליבּ, טײַער, שלעכט אא אין זײַנע א'ן. „טו מיט איר וואָס איז גוט אין דײַנע א'ן“, תּי, בּראשית, טז, 6 — 'הטובֿ בּעיניך'. *קוקן מיט אַנדערע א'ן = בּײַטן דעם אײַנשטעל.

10. דאָס גײַסטיקע זען, באַנעמען, פֿאַרשטיין. האָבן אַן א, פֿאַר אזא זאַך (ענין) = פֿאַרשטיין די זאַך. עפֿענען די א'ן = געבן צו פֿאַרשטיין. ס'עפֿענען זיך די א'ן = מע פֿאַרשטייט עפּעס וואָס מע האָט פֿריִער ניט באַנומען א שאַרף א, = פֿאַרשטענדיק, באַנעמענדיק. "דער מענטש האָט גרויסע א'ן און זעט ניט זײַנע אייגענע חסרונות (פֿעלערן)", שוו. ,,די א'ן פֿון נפֿש", ,,די חכמים פֿון דעם דור, א'ן פֿון דער געמיינדע", תּניא.

11. טייל פֿון פּנים אַרום די אויגן. פֿלעק, סימן פֿון אַ קלאַפּ אין און אַרום די א'ן. מאַכן אַן א, = לאָזן אַ סימן פֿון אַ קלאַפּ אַרום אַן א,. מאַכן אַ בלוי, אַ ברוין (בלוין־) און־בלוי א,. אונטערשלאָגן, אונטערהאַקן, פֿאַרפֿלעקן אַן א', די (ביידע) א'ן. *צושטעלן ליכטלעך (מאַכן אַ לאַמטערנע) אונטער די א'ן.

12. עין־הרע, מאַגישער כּוח פֿון בליק. ,,די רויז איז געקומען פֿון אַן א,". ,,די ניטפֿאַרגינערקע האָט געוואָרפֿן אַן א, אויפֿן קינד". "קיין (בייז, שלעכט, ניט־גינעריש, ,גוט')

אויג זאָל ניט פֿאַרשאַטן“. היטן זיך פֿאַר אַ (בייז, שלעכט) אויג. ״אַ ייִדיש אויג איז ערגער פֿון כּישוף“, שוו.

13. טײַערע, ווערטפֿולע זאַך. „ער איז מיר אַן (איין) א, אין קאָפּ„. „מײַן בן־יחיד — מײַן אויג אין קאָפּ (אין שטערן)„. „אַזאַ בראָך, אַ בת־יחידקע, איין א, אין קאָפּ„, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעט. „דאָס זײַנען מײַנע צוויי א'ן“ (אַ מוטער וועגן אירע קינדער). „דו ביסט מײַן א, אין קאָפּ“. „דער כּתבֿ־יד איז מײַן א, אין קאָפּ“, רייד. „זי איז בײַ אונדזער פּריץ נאָד דאָס אויג“, יפּ.

14. שײַנענדיקס, גלאַנציקס; דער מיטלסטער טײַערער שטיין פֿון אַ באַצירונג. גאָטס א, = די זון; דאָס א, פֿון דער נאַכט = די לבֿנה. „דאָס א, איז אַרויסגעפֿאַלן און די בראָשקע האַט מער ניט קיין ווערט“, רייד. (בײַ דימענטן־ און פּערל־הענדלער) אַ ספּעציעלער מין גלאַנץ וואָס איז פֿאַראַן נאָר בײַ נאַטירלעכע פּערל. קויפֿן פּערל מיט אַן א'.

15. היטער, שומר; השגחה, שמירה. „דאָס קינד באַדאַרף אַן א'„. „יונגע מיידלעך דאַרפֿן א'ן (דער מאַמעס א'ן, אַ פּאָר א'ן)„. „וויסט, פֿאַרלאָזט איז יודלס שטוב...אָן אַן א, פֿון

בעל־הבית און זײַן האַנט‘‘, ממוס, יודל. ,,אַ
דאַך פֿאַרלאַנגט אַן א'‘‘, פּרץ, 'דרײַ טרויעריקע
געשיכטן'. אַן א, אויף די אַרבעטער אין
פֿאַבריק.

16. געהיים־פּאָליציסט. נאָכקוקער, שפּיאָן.
,,היט זיך, וואָרעם עס דרייט זיך דאָ אַרום
אַן א'‘‘. ,,זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אַן א,,
מע זאָל זיי ניט באַפֿאָלן אומגעריכטערהייט‘‘.
,,מע האָט דעם (דאָס) אויג קאַלט געמאַכט‘‘.

17. שפּאַלט, קליינע עפֿענונג, קײַלעכדיקע
לאָך צו קוקן; קליין פֿענצטערל פֿון אַ
דאַכקעמערל. ‘‘דער אַקטיאָר האָט דורכן א, געקוקט
אויפֿן עולם‘‘. ‘‘ס'איז אַ בלינדער בוידעם, אָן
א'ן‘‘. ,,[דער] לעקטאָר... גייט נענטער צו, קוקט
אַרײַן דורך אַן א'‘‘, פּרץ, בײַנאַכט אויפֿן
אַלטן מאַרק. ,,דער וועכטער קוקט דורכן א,
אין דער טיר אויפֿן אַרעסטאַנט אין דער
תּפֿיסה־קאַמער,,.

18. אויסגעמאַלטער ציל אויף פּאַפּיר, אויף
א ברעט אע אין פֿאָרעם פֿון אַ פֿאַרביקן קײַלעך.
,,ער האָט אויסגעשאָסן און געטראָפֿן אין
סאַמע א'‘‘.

19. קײַקעלע פֿעטס אין זופּ אָדער אויף אַ
פֿליסיקייט בכלל. הינעריויך מיט א סך א'ן.

,,צוליבֿ אַן אויג אין דער זופּ קען זיך אַ
פֿאַרפֿאָלק גטן“, שוו. ”זי האַלט שוין בײַ דער
קאַווע. די פֿעטע מילך מיט די פֿעטע א'ן...
געפֿעלן איר“, בֿערג, בײַס דניעפּער I.

אדינ

2O. אַן איינס בײַם שטריקן און בײַם
העקלען, דאָס רינגעלע וואָס דאָס שפּיזל (אָדער די
שפּיזלען, אָדער די העקלנאָדל) נעמט אַרום
מיט איין מאָל. פֿאַרלירן, אַראָפּלאָזן אַן א';
אויפֿנעמען אַן א'. פּופֿצן א'ן אין דער בֿרייט.
,,...וו אַ שטריקערין כאַפּט אויף אייגעלעך
י
אויף אַ שפּיזל“, אָפּא, 'דער ערשטער
פּאַציענט'.

21.   קויפּ, עודף, איבֿערמאָס בײַ
פֿליסיקייטן. פֿול בֿיזן (מיטן) א'. ,,איך בֿרענג אײַך
אַן עמער וואַסער מיט אַן א,“. ,,דאָס קר געלע
איז פֿול מיטן א'“. ,,די פּאָמוניצע איז פֿול ווי
אַן א'“, שע, מאָנאָלאַגן.

22. לעכל פֿון נאָדל. אַרײַנצילען אין א'.
,,דער שנײַדער איז אַלט און טרעפֿט שוין ניט
אין אייגל“. וועלן דורכפֿירן אַ קעמל דורך אַן

א, פֿון אַ נאָדל = וועלן טאָן וואָס איז אוממעגלעך.

23. לעכל פֿון שער־בּרעטל דורך וועלכן עס גייען דורך די פֿעדעם בּײַם וועבן (ביאַליסטאָק). „דער פֿאָדעם גייט אַרײַן אין אייגל פֿון שעפֿט“.

24. לעכל פֿון אַ נעץ. „די נעץ האָט דרײַסיק א'ן אין דער בּרייט„. „מע בּאַדאַרף פֿאַרריכטן די שטריקלעך אַרום העלפֿט א'ן“. „אַ יחיד איז...אַן א, אין דער נעץ וואָס פֿאַרשפּרייט זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ אויף דער ערד„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

25. קײַלעכל, רינגל אין שלייף, פּעטליע. אַ שלייף מיט צוויי א'ן.

26. קײַלעכדיקע אָדער אָוואַלע עפֿענונג אין אַ כּלי, אין אַ מכשיר. „אַרײַנגעפּאַסט דעם שפּונט אין אַן א, פֿון פֿאַס“.

27. בּכּיוון געמאַכט לעכל אין אייבּערשטן טייל פֿון אַ שוך. „מנעלים עם אוגי„ן וכן עם קלעצלך אסורי, איסור גמור, וכן לאנשי, וכן לנשי', 'תּקנות ועד שצ“ז, (1637) [דובּנאָוו, פּנקט מדינת ליטאָ, 69].

28 פֿאַרבּיקער קײַלעכדיקער קרײַז אויף

.

אויסשטיקעכץ און אויסנייעכץ. פֿאַרביקער
פֿלעק אויף פֿעדערן פֿון אַ פֿויגל, אויף
פֿליגלען פֿון אַן אינזעקט. "זי האָט אויסגעשטיקט
בלויע א'ן אויפֿן סאַמעט". אַ פּאַווע מיט אַ
סך אויגן, פֿלאַטערלעך מיט א'ן.

29. פּונקט בײַ אַ צאָל קאָרטנשפּילן, בײַ
דאָמינאָ, בײַם שפּילן אין ביינדלעך. „איך האָב נאָר
זעקס א'ן"; „עס פֿעלן אים צוויי א'ן צו יאַן";
"געבליבן גאָר אָן א'ן„. "ער וועט זיך
אויסגלײַכן מיט [אים], און אויב איר ווילט, וועט
ער אים געבן דרײַ א'ן פֿאָר", שע, בלוטיקער
שפּאַס. געווינען אַן א„ (מיט) עטלעכע א'ן.

3O. קנאָספּ, קנאָפּ, פּאָנק, אויף אַ
צווײַגעלע (וואַס פֿון דעם קומען אַרויס בלעטעלעך).
געוויינטלעך אייגל. „עס קומט שוין פֿרילינג;
איך האָב געזען די ערשטע א'ן אויף
צווײַגעלעך".

31. אַפּצייכענונג פֿאַר מיליטערישע
אָפּטיילן; אות אָדער צייכן אויף אַ קאָרפּוס פֿון
דער אַרמיי.

32. קופּאָן בײַם קריגן אַ ראַציע שפּײַז,
ש מיללער.

33. צוואַנציק דאָלאַר אין גאָלד — אין

געטאָס און אויסראָט־לאַגערן. „אַפֿילו קליינע שקצימלעך האָבן שוין געוואוסט וואָס סע מיינט אַן א,. אַז זיי האָבן געבראַכט אַ פּעקלע, האָבן זיי שוין אָנגעוויזן מיט...צוויי פֿינגער בײַ זייערס אַן א, אַז זיי ווילן 20 דאָלאַר„, כּי, תּנד□ום גרינבערג, ,טרעבלינקע, [בּלום].

34. צענטער פֿון אוראַגאַן (אין אַמ פּרעסע). „דער צענטער פֿון אַן אוראַגאַן, אָדער ווי ער ווערט גערופֿן...א', איז אַ רואיקער שטח, אַרום וועלכן די ווינטן ווירבלען“, טמז, 1959 .X 1

אונטער די אויגן = הינטער די אויגן ←. *אונטער פֿיר אויגן = נאָר צוויי זײַנען דערבײַ, קיין דריטער איז ניטאָ. *אונטער עמעצנס א, = השגחה. „דו וועסט אַרבעטן אונטער מײַן א', לויט מײַנע פּלענער, לויט מײַן באַפֿעל“, פּרץ, 'דער בילדהויער,.

איבער די אויגן = איבערן קאָפּ, מער ווי מע קען פֿאַרשטיין. „איבער די א'ן זעט מען ניט (קען ער ניט זען)“, שוו, [ווש מיס די צוויי באַטײַטן פֿון איבער: מחמת,

העכער].
אין די אויגן = גלײַך אין פּנים אַרײַן, ווען דער ווערגן ווערמען מע רעדט איז דאָ דערבײַ.
פֿאָרקומען פֿאַר אַלעמען אין די א'ן = געשען ווען אַלע זען עס. *קוקן דעם טויט (דעם טײַוול) אין די א'ן = ניט מורא האָבן פֿאַר אַ גרויסער סכּנה, אויך: „גיין דעם טײַוול אין די א'ן“.
אָן אויגן = ניט אויפֿמערקזאַם, אָן חשק, כּלאַחר־יד.
הינטער די אויגן = ווען דער ווערגן ווערמען מע רעדט איז ניטאָ דערבײַ. „דער אמת איז אין די א'ן, דער ליגן איז הינטער די א'ן“; „אין די א'ן הייסט גערעדט, הינטער די א'ן הייסט געבּילט (געבּולן)“, שוו.
וואו(הין) די אויגן טראָגן = ווײַט אַוועק, אָן אַ בּאַשטימטן ציל. „כ'וועל אַנטלויפֿן וואוהין די א'ן טראָגן„.. „אַוועקוואַרפֿן די מלוכה און גיין וואוהין די א'ן וועלן אים טראָגן“, נחבּ.
מיט איין אויג = א) איינזײַטוק, מיט אַ פֿאָראורטייל; בּ) ניט גענוג אָפּגעהיט; ג) ניט קענען זיך בּאַשליסן, וואַקלען זיך. „(מיט) איין א, אין מצרים, דאָס אַנדערע אויפֿן בּית־החיים“,

שוו. „מיט איין א, אין גדשן, מיטן אַנדערן אין מצרים“ = א) אַזוי ווי פֿריִער; בּ) שיקלדיק, קאַסאָקע.

פֿאַר די אויגן = קלאָר, בּפֿירוש. □ פֿאַר אונדזערע (דײַנע, זייערע) אויגן — אין אונדזער (דײַן, זייער) צײַט.

אויג אוי□ אויג = א) נאָר צוישן צווייען, קיין זײַטיקער איז ניטאָ. (זיך אויס־שמועסן אויג אויף אויג. בּלײַבּן, זיך טרעפֿן, זיך בּאָגעגענען א, אויף א, (מיט דער כּלה, מיטן דם־שׂונא אאַ). בּ) קלאָר, בּאַשײַמפּערלעך [פֿרגל: „עין בּעין נראה אַתּה ה'“, בּמדבּר, יד, 14]. “ערשט איצט האָט זי געזען א, אויף א, דעם חילו□', ספּ, ענייס ואבֿיונים.

אויג אין אויג = א) אין פֿולן הסכּם; בּ) מיט ליבּשאַפֿט, „זיי שפּיגלען זיך א, אין

א'“; „האַנט אין האַנט, א, אין א', ליפּ אין ליפּ“, פּרץ. ג) דזוו אויג אויף אויג. זיך טרעפֿן א, אין א'. אויך: א, אָ ן (אין) א,. „....האָבּן זיך...געטראָפֿן א, אָן א, מיטן אַלטן

חנוכּהלעמפּל“, פּרק, 'אַ חנוכּה־לעמפּל'.

ס'אויג וויל אויך עפּעס זען = מען האָט ליב אַ שיינע זאַך, דער חתן וויל אַ שיינע כּלה. ← אויג, בּ6.

אַן אויג מיט אַ בּרעס = זײַנען שטענדיק צוזאַמען, גוטע חבֿרים.

▯

▯[ן אויג ▯אַר אַן אויג = אָפּצאָלו שלעכטס פֿאַר שלעכטס, עין תּחת עין.

אַן אויג שאָקלט זיך בּײַ (אים, דיר) = א) טרייסלט זיך פֿון פּחד; בּ) ס'גייט שלעכט, מיט דער פּוטער אַראָפּ.

די אויגן אויפֿן סלופּ = שפּרוך קעגן אַן עין־הרע. ווען מע האָט געלויבּט די שיינקייט פֿון אַ קינד און דערבּײַ ניט געזאָגט 'קיין עין־הרע, פֿלעגט די מאַמע שטיל אַרויס,
זאָגן דעם שפּרוך. (גאַליציע).

די אויגן גייען איבּער = ווערן פֿול מיט טרערן. „אַז דאָס האַרץ איז פֿול, ▯ .יען די א'ן איבּער„, שוו.

די אויגן ווען (אים, איר) אַרויס =

די קנאה וועט זײַן זייער שטאַרק. *די אויגן קריכן פֿון קאָפּ אַרויס = א) זייער פֿאַרזאָרגט וואַרטנדיק; בֿ) זייער אָנגעשטרענגט און צעווייטיקט.

אויסבֿרענען אַן אויג = אויך: פֿאַרכאַפּן דאָס א, מיט שיינקייט, גלאַנץ, פּראַכט.

„אַ ד▯מענט אַז עס בּרענט אויס אַן א'“.

אויסגלאָצן די אויגן = בּולט אויסשטעלן (פֿאַרחידושט, תּמעוואַטע). אויך: אויסגלאָנצן. „ער האָט אויף מיר אויסגעגלאָנצט אַ פּאָר א'ן און מיט אַ געלעכטערל געענטפֿערט“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.

אויסגעבֿראָטן אונטער די אויגן = דורכגעטריבֿן, דורכגעמאַכט כּלערליי שווינדלערײַען.

אדיסגעשטאָכענע אויגן = חוצפּהדיק, אומפֿאַרשעמט.

אויסגעשלאָגענע אויגן = אָן בֿאַגער, אָן חשק צו לעבֿן.

אויסגראַטשען, ~דראַטשען די אויגן = אויסדראַפֿען די א'ן ←.

אויסדראַפּען די אויגן = אויך: א) סתּם צעדראַפּען, צעקראַצן; בֿ) פֿאָרוואַרפֿן אַ מיאוסע זאַך אין פּנים אַרײַן.

אויסודיַיזן אין די אויגן = איבּערצײַגן זיך פֿאַר יענעמס א, ווער ס'איז גערעכט.

אויסוויינען דאָס דריטע אויג = קלאָגן, איר. *אויסוויינען זיך אַן אויג = שטאַרק וויינען, אָפּט איר.

אויסטיטשען די אויגן = אויפֿווײַזן עוולה, אומגערעכטיקייט אין פּנים אַרײַן.

-

אויספּירן (זיך) אויג אויף אויג = דזוו אויסווײַזן אין די אויגן. „טאָ קום צום מײַסטער, לאָמיך אויספּירן א, אויף א'", יד, אָסעלע.

▯

אויסקוקן (זיך) די אויגן = לאַנג זוכן אדן ניט געפֿינען; וואַרטן מיט אומגעדולד.

אוינ

אויסראַטשען אַ פּאָר אויגן = דזוו אויסשטעלן אַ פּאָר אויגן.

אויסרײַסן די אויגן = פּאָרוואַרפֿן פֿאַלשקייט, שלעכטס אין די א'ן. „אַ גרויסער

עזות־פּנים, רײַסט יונג און אַלט אויס די
א'ן'', ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל. אויסרײַסן ז י ך
די א'ן = א) זיך זידלען, בּ) זיך שלאָגן און
זיך צעדראַפּען דאָס פּנים.

אויסרעכענען אויפֿן אויג = אַן ערך,
אָן מעסטן, אָן שרײַבן.

אדיסשטעכן די אויגן = בּיטער
פֿאָרוואַרפֿן יענעם אַן עוולה, אַ רשעות. אויך דזוו
אויפֿרײַסן די א'ן ←.

אויסשטעכן זיך די אויגן = (זײַן
גרייט) אַליין זיך בּלינד מאַכן אָדער אָנטאָן
זיך די גרעסטע יסורים. אויסשטעכן זיך די
א'ן, אַבּי ניט צו זען זײַן (איר) פּאַרצע
[= פּרצוף]. אויסשטעכן זיך די א'ן אַבּי זיך
ניט לאָזן פֿירן פֿון יצר־הרע. „פֿאַר אַ גראָשן
וואָלט ער זיך בּיידע א'ן געלאָזט
אויסשטעכן'', ממוס.

אויסשטעלן אַ פּאָר אויגן = זיך
וואונדערן, זיך חידושן; קוקן מיט אַ טיף געפֿיל.
אויסשטעלן אַ פּאָר א'ן ווי דער (בּריסקער)
מלאך־המוות, ווי דער רענדאַר אויף (אין)
אָץ־קוצץ.

אויסשעפּן מיט די אויגן = אַרײַננעמען,
אַרײַנזאַפּן מיטן בּליק. אַ שיינקייט מיט די

אויגן ניט אויסצושעפּן. ,,וועסט די נאַכט ניט אויסשעפּן מיט דײַנע אויגן‘‘, אפּא, 'פּראָסטיקע ראָבּן,.

אויסשרײַבּן די אויגן = שרײַבּן אַ סך, זיך אַרויסנעמען די אויגן שרײַבּנדיק. ‘‘איך שרײַבּ מיר מײַן אוגין אויז און, ערשט קומן זיא ניט אַן‘‘, פּראָגבּ, ז, 44.

□

אויפהייבּן די אויגן = א) זיך אַרומקוקן. 'וישׂא אַבֿרהם את עיניו, (בּראשית, בבּ, 13) פֿאַרטײַטשט תּי: ,,האָט אַבֿרהם אויפֿגעהויבּן זײַנע אויגן‘‘; בּ) ווערן בּײַ זיך זיכערער. ,,ווערן אויס מענטש בּײַ יענעם און אויפֿהייבּן די א'ן‘‘; ג) זיך ווענדן מיט תּפֿילה, בּקשה. ,,זיי הייבּן נאָר צו דיר זייערע א'ן‘‘, מחזור ליו‘‘כּ, פּפֿמ, 1885.

□

אויפמאַכן אַן אויג = אויך: ס'ווערט בּעסער, ס'גייט בּעסער.

אדיפֿרײַסן די אויגן = א) גורם זײַן קנאה דורכן פּוצן זיך פֿירן זיך גרויס;

,

בּ) אַרויסרופֿן קעגן זיך פֿאַרדינטע קריטיק.

אויפֿשטעלן אַ פּאָר אויגן = שטאַרק וואונדערן זיך; אָנגעשטרענגט און מיט אינטערעס קוקן.

אַן איבּעריק אויג — פֿון אַ זײַטיקן,

פֿון עמעצן וואָס דאַרף ניט זײַן דערבּײַ. „שמאַלץ האָט פֿײַנט אַן איבּעריק א', ובפֿרט פּסחדיקע שמאַלץ“, שע, מאָנאָלאָגן.

איין אויג — ← מיט איין אויג. *איין א, אין שישי, דאָס אַנדערע אין שלישי = מע וויל גלײַכצײַטיק צוויי זאַכן וואָס מע קען ניט דערגרייכן מיט איין מאָל.

אײַנשטיין אין די אויגן = אָפּשאַצן

.

(ס'רובֿ צום ערגערן). „אַזוי נידעריק שטייט ער אײַן אין מײַנע א'ן„. *אײַנשטיין עמעצן

אויג

אין די אויגן = (פּר) זאָגן אַן אומבאַקוועמען אמת אין פּנים אַרײַן.

אָנשטעלן די (אַ פּאָר) אויגן = א) גוט באַטראַכטן; ב) אָנהייבן קוקן מיט אַ בליק וואָס נעמט דורך. „...שטעלט אָן אירע שוואַרצע א'ן ווי עגבערס', אָפּאַ, 'אין אַ קעלערשטוב"..

אָפּטאָן אַן אויג פֿון אים = ניט קוקן, ניט היטן מער.

אַפּל (שוואַרצאַפּל) פֿון אויג = זייער טײַער (וועגן אַ מענטשן).

אָפּנעמען אַן אויג (די אויגן) = דזוו פֿאַרכאַפּן דאָס אויג ←.

אָפּרײַסן די אויגן = אויפֿהערן קוקן.

-

אָפּענע אויגן = רעאַליסטיש, אָן פֿאַנטאַזיעס. אַ מענטש מיט אָפֿענע א'ן. „זינד איז בלינד, תּשובֿה האָט אָפֿענע א'ן", שוו.

אָקסן־אויג = אויך: געפּרעגלט איי מיט אַ גאַנץ געלכל. שפּיגלאיי.

אַראָפּוואַרפֿן אין (יענעמס) אויגן = מאַכן עמעצן מינערווערטיק.
אַראָפּלאָזן די אויגן = זיך פֿאַרשעמעו, זיך פֿילן שולדיק. [פֿרגל: „כּבֿשו פּניהם בקרקע“, סנהדרין, יט/ב]. *אַראָפּגעלאָזטע אויגן = א) צניעותדיקע; בּ) פֿאַרשעמטע אָדער וואָס בּאַהאַלטן עפּעס.
אַראָפּנעמען די אויגן = ניט קוקן מער (אַ קורצע צײַט); ניט לייגן מער קיין אַכט, ניט היטן.
אַרויסגעזעצטע אויגן = וואָס שטאַרצן אַרויס (פֿון פֿאַרוואונדערונג, שרעק, כּעס).
אַרויסנעמען זיך אַן אויג פֿאַר יענעם = טאָן אַלץ צו העלפֿן יענעם, זיך מקריבֿ זײַן פֿאַר יענעם. אַרויסנעמען זיך די אויגן =
.

א) זיך שטאַרק אָנשטרענגען כּדי צו קענען זען בּײַ אַן אַרבּעט (בּײַם לייענען פּיטשינקע אותיותלעך, בּײַם שרײַבּן אין דער פֿינצטער, בּײַ דער נאָדל, בּײַם פֿליקן פֿעדערן אע).
בּ) טאָן אוממעגלעכע (אוממאָראַלישע) זאַכן.
„ער וואָלט זיך פֿאַר אַ פֿעניג די א'ן

אַרויסגענומען“, ממוס. *אַרויסנעמען יענעם איין אויג און זיך צ ו ו י י (זיך צוויי און יענעם איינס) = זייער שטאַרק באַצאָלן פֿאַר נעמען נקמה. אויך: יענעם צוויי און זיך איין אויג.

אַרויסצונעמען (זיך) אַן אויג (די אויגן) = ס'איז זייער פֿינצטער. „פֿינצטער כאָטש אַן אויג אַרויסצונעמען“, ממוס, מסעות. „די קינדער האָבן זיך געמוזט די א'ן אַרויסנעמען רשי־אותיות צו לייענען“, ארז, קמ, 6 1866, No.

אַרויסקוקן (זיך) די אויגן = אומגעדולדיק וואַרטן אויף עמעצן אָדער עפּעס.

אַרײַנשטעקן די אויגן אין דער ערד = דזוו אַראָפּלאָזן די א'ן, נאָר עמפּאַטישער. „די א'ן האָב איך אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד ווי אַ טריפֿה מעסער“, פּרץ, 'וואָס נשמה הייסט,.

באַגראָבן די אויגן (אין דער ערד, אין דיל, פּאָדלאָגע) = זיך שטאַרק פֿאַרשעמען.

בייז־אוי'ג = עין הרע. געבן, וואַרפֿן

אַ בּ, □ א.,

(אַ) בעלמע אין אויג = אויך: פֿלעק, חסרון, גרויסער שטער.

גאַלאַגאַנסקע אויגן =אומרואיקע, ווילדע, ביסטרע.

גוט אויג = א) אַן אויג וואָס זעט דאָס גוטע, אַ בליק מיט גינציקייט, גוטסקייט [פּרגל: „איזוהי דרך ישרה שידבק בה אדם... ר, אליעזר אומר: עין טובָה“, אָבוֹת, ב, ט]. ב) געניט אויג פוֹן אַ מײַסטער, מומחה. דער היפּך איז: בייז (שלעכט) אויג.

גוט־אוי'ג = אייפֿעמיזם פּאַר: שלעכטאויג, עין־הרע. אָפּשפּרעכן אַ גוט־א..

גוט (שלעכט) אין די אויגן = געפֿעלט (ניט), באַוויליקט (ניט). < טובֿ בעיניך, רע בעיניך, טובֿ בעיני ה, — אַ סך מאָל אין תּנך.

גיין וואו(הין) די א'ן ווען טראָגן (פֿירן) = אָן אַ קלאָרן ציל, אַבי פּאַרלאָזן דאָס אָרט וואו מע געפֿינט זיך. (אויך מיטן בײַבאַטײַט: וויפֿל אָנשטרענגונג, קרבנות, דאָס זאָל ניט פּאָדערן).

גלאָצן מיט די אויגן = דזוו פּאַרגלאָצן (מיט) די אויגן; קוקן בייז. „געשאָלטן...און געשפּיגן און געגלאָצט מיט די אויגן“, ל. שאַפּידאָ, יידישע מלובה.

גלײַך אין די אויגן = דירעקט, אָן פֿאַרשטעלטע רייד.

גלעזערנע אויגן = א) אָן אויסדרוק; „גזלנים האָבן גלעזערנע א'ן„ [= האָבן ניט קיין מענטשלעכע געפֿילן]. ב) וואָס זעען ניט; ג) וואָס זעען ניט קיין חסרונות. „חתן־כּלה האָבן גלעזערנע אויגן„, שוו.

אַ גנבֿ מיט די א'ן, גנבֿענען (לקחענען) מיט די א'ן, מיטן ווײַסל פֿון א, = זייער פֿלינקער גנבֿ, פֿלינק גנבֿענען, אויסנאַרן. *גנבֿענען דאָס ווײַסל פֿון אויג = אַרויסגנבֿענען, אַרויסקריגן, אַרויסנאַרן דאָס סאַמע זיכערע, דאָס גוט בּאַהאַלטענע. „אנדרי אַנשי בּליעל ...כּלומר מיט אים גיהאנדילט אונ, דאש ווייסי אויז דען אגין גיגנבֿת״, נה, ז, 217.

געבּן אַן אויג אויף[עמעצן = אַכטונג געבּן, היטן עמעצן. *געבּן דאָס א, אין עפּעס = זיך צוווענדן, קריגן אַן אינטערעס צו עפּעס. געבּן דאָס א, אין כּוס (גלעזל) = (אָנהייבּן) שיכּורן. „דער מענטש וואָס גיט זײַן א, אין כּוס — איז אַלע וועגן בּײַ אים גלײַך״, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו. [< 'יתּן בּכּוס עינו', משלי, כג, 31].

געליאַמעוועטע אויגן = רויטלעכע

אַרום די בּרעגן.
געמישטע אויגן = א) ווען א'ן בּײַ אַ קינד זײַנען אַ געמיש פֿון קאָלירן פֿון פֿאָטערס און מוטערס א'ן; בּ) בּכלל מיט אַן אומבּאשטימטן קאָליר.
געפֿאַלן (געשלאַגן) זײַן אויף די א'ן = ניט בּאַמערקן, זײַן צעטראַגן.

-

געפֿינען (בּאַקומען) הן □ לײַטזעליקייט) אין די אייגד = געפֿעלן ווערן, אויסנעמען, ווערן אַ ליבּלינג. < מצא חן כּעיני ה', מצאתי חן בּעיניר אאַזוו אַ סך מאָל אין תּנר.
געשוואַלענע אויגן = אויך: פֿולע מיט עולם־הזה, מיט תּאווה.
גרויסע אויגן = א) פֿאַרוואונדערט, פֿאַרחידושט; בּ) וואָס וויל אַלץ, וואַס איז מקנא.

אויג

*גרויס אין די אויגן = א) איז איבּעריק; בּ) וויל אים ניט זען, קען אים ניט פֿאַרטראָגן.

גרין און געל פֿאַר די א'ן = אין אַ
בּיטערן מצבֿ; נאָכן קריגן אַ קלאַפּ.
דאָרן אין אויג = א) ווייטיקדיקער שטער;
בּ) שׂונא, ניט־פֿאַרגינער. [פֿרגל: 'ולצנינים
בּעיניכם', יהושע, כג, 13].
דורכנעמען (דורכשטעכן) מיט די
אויגן = אַרײַנדרינגען אין דער נשמה; קוקן
מיט קנאה, מיט בּייזקייט; דזוו עסן מיט די א'ן.

▯

דרייען זיך פֿאַר די אויגן = א)
שווינדלען אין קאָפּ; בּ) זיך ווײַזן צו אָפֿט.
האָבן אַן אויג אויף עמעצן = א) וועלן
נקמה נעמען; בּ) מחמת מורא אָדער שׂנאה
נאָכקוקן עמעצן; ג) האָבן בּדעה עמעצן
פֿאָרצולייגן עפּעס. *האָבן אויפֿן אויג =
נאָכקוקן, נאָכשפּיאָנירן. ,,איך האָבּ מורא אַז איז
בּין געווען דער איינציקער, וואָס איך האָבּ
זיי געהאַט אויפֿן א',,, שע, לכּבֿוד יוס־טובֿ I.
*האָבן אַן אויג בּ ײַ עמעצן = האָבן אַ
ווערט; זײַן חשובֿ. ,,אים טויג עס נישט, ווײַל
עס האָט בּײַ אים קיין א, ניט“, ישׂ״ר, קמ,
1865, No 13. ,,זיי מוזן דאָס לעצטע
אַוועקגעבן, אַבי ניט קומען אין פּאָליציע וואו זיי
האָבן קיין א, ניט,,, קמ, 1865, No 18. *האָבן

אַן אויג אויף עפּעס = וועלן, פּלאַנעווען עס צו קריגן. *...אויף עמעצן = היטן (מע זאָל ניט גנבֿענען). „איטלעכע ייִדענע...איז פּאַר רעכנט אַז מע באַדאַרף אויף איר האָבן אַן א„„ שע, אָרעמע און פֿריילעכע II. *האָבן אַן אויג = אויך: האָבן אַ שאַרף אויג. „איו בין אַ ייִנגעלע ווי אַ שד און האָב אַן א„„, חג, טמז, 3 1958 X. *האָבן טויזנט א'ן = זייער שטאַרק אָפּהיטן. „גייסט אין מאָרק, האָב טויזנט א'ן, מע זאָל דיך ניט באַגנבֿענען„„ רייד. *האָבן אַן א, בײַ גאָט (בײַם אייבערשטן) = האָבן איבער זיך גאָטס השגחה. „הלוואַי זאָל דאָס קינד האָבן אַן א, בײַ גאָט“. <'עין ה, אַל יראיו, (תּהלים, לג, 18). *האָבן בײַ עמעצן אַ גוט אויג = זײַן עמעצנס אַ ליבלינג, זײַן אין לאַסקע בײַ עמעצן. *האָבן אויגן נאָר פֿאַר עמעצן = זײַן פֿאָראינטערעסירט נאָר אין אים. „זי האָט געהאַט א'ן נאָר פֿאַר אים און ער נאָר פֿאַר איר“, אמד, פֿייגעלע מגיד. *ער האָט דאָ קיין אויג ניט = ער קען זיו דאָ ניט ווײַזן. [„דער מלאך־המות האָט טויזנט א'ן“ = קיינער קען זיך ניט אויסבאַהאַלטן פֿון אים.]

האָבן אין אויג צו טאָן = גרייטן זיר,

פלאַנעווען צו טאָן.
האָבן די אויגן אין קאָפּ = זײַן אויפֿמערקזאַם, באַמערקן, פֿאַרשטיין. ופֿרגל: „החכם עיניו בראשו“, קהל␣נ, ב, 14]. *(ניט) האָבן א'ן = (ניט) וויסן וואַס עס טוט זיך אַרום. *וואו האָסטו געהאַט די א'ן? = פֿאַרוואָס האָסטו ניט געוואוסט וואָס עס קומט פֿאָר אַרום דיר? *האָבן די א'ן אין הינטן (פּאַטיליצע) = א) ניט זען, ניט באַמערקן; ב) זען אַפֿילו הינטער זיך. „דו זעסט נישט? צי זענען דיר דײַנע א'ן אויף דער פּאַטיליצע אַרויס?„„ ספּ, די יודישע וועלט. שבֿועה: „זאָלן מיר די

אדי␣

א'ן אַרויס אויף דער פּאַטיליצע!“, מ. דלוגאַטש, עולם־התוהוניק. *האָבן דעם גנבֿ (זשוליק, ממזר אע) אין די א'ן = האָבן אָ בליק פֿון אַ גנבֿ אאַזוו. *קיין פֿיר א'ן האָב איך
האַלטן אויפֿן אויג = אָבסערווירן, באַקוקן
ניט = ניט שולדיק וואָס ניט דערזען.

און באַטראַכטן. *האַלטן אין אויג = א) האָבן אין זינען; ב) זען מיט איין בליק אַ צאָל

זאַכן. „דורך אַ לעכעלע זעט מען אַלץ וואָס
אין עסצימער טוט זיך, מע האַלט אַלעמען
אין א,“, בערג, בײַם דניעפּער I. *האַלטן אַן
אויג אויף עמעצן = היטן, אַכטונג געבן אויף
עמעצן. *האַלטן די אויגן אָפֿן = זײַן אויף
דער וואַך, זיך גוט אַרומקוקן, אַלץ באַמערקן.
*האַלטן די אויגן אין די הענט = דזוו נעמען
די אויגן אין די הענט.
האַקן זיך די אויגן = זיך אָנטאָן אַ
פֿעלער, אַ מום איבער פּריזיוו. ליטוו.
הויכע אויגן = גאווהדיקע,
פֿאַרריסענע ←. „דער וואָס האָט אַ הויז א'...דעם קאָן
גאָט ניט לײַדן“, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף,
יוזעפֿאָוו, תּקצ״ח. [< 'ועי◌ים רמות תּשפּיל', תּהלים,
יח, 28].
אַ הונט מיט אויגן = פֿאַלשער,
שלעכטער, כיטרער. [אָפּטער: אַ הונט מיט אויערן].
היטן מיט זיבן (טויזנט) אויגן = זייער
שטאַרק היטן.
הינטישע אויגן = א) שלעכטע,
צאָרנדיקע; ב) הכנעהדיקע, געטרײַע.
הינטן (תּחת) מיט אויגן = זייער
נאַרישער, גראָבער מענטש.
הערן (האָרכן) מיט (גרויסע) אויגן =

זיך גוט צוהערן, איר.

וואַסערדיקע אויגן = א) העלע, אָן באַשטימטן קאָליר; בּ) וואָס דריקן קיין זאַך ניט אויס. אויך: וואַסער־א'ן. טריבּע וואַסערא'ן. —

וואַרפֿן אויגן (אייגלעך, אייגעלעך) = א) קוקן פֿון אַ זײַט; וואַרפֿן א'ן הינטערווײַלעכס; בּ) זיך איבּערווינקען, קאָקעטירן. * וואָרפֿן אַן אויג אויף עמעצן אָדער עפּעס = א) אַ קוק טאָן. „דער שמשׂ פֿון חבֿרה נושׂאים איז אַרײַנגעקומען, ער האָט געוואָרפֿן אַן א, אויפֿן חולה“, פּרץ, 'אַ קלעזמער־טויט,; בּ) אָנהייבּן באַגערן עפּעס. „ער האָט געוואָרפֿן אַן א, אויף איר און פֿון דעמאָלט אָן קען ער ניט רוען„. *וואַרפֿן אַ בּייז (שלעכט) א, אויף עמעצן = וואַרפֿן אַן אומחן: פֿײַנט קריגן, אָנהייבּן זען בּלויז חסרונות. *וואַרפֿן זיך אין אויג (אין די אויגן) = אַרויסרופֿן אויפֿמערקונג; שטופּן זיך מע זאָל דערזען, באַמערקן. די ענלעכקייט וואַרפֿט זיך אין די אויגן. *וואַרפֿן אַ הונט (אַ קאַץ) אין די אויגן = פֿאַרוואַרפֿן מיאוסע מעשׂים (און יענער מאַכט זיך ניט דערויס).

ווײַזן זיך אויף די אויגן = אַרײַנקומען

פֿון צײַט צו צײַט.

ווײַסל פֿון אויג = דרייער, שווינדלער; ווילדער יונג, ווײַסער־חבֿרהניק.

זאַלץ דיר אין די אויגן = א) אָפּענטפֿערונג עמעצן וואָס מע האָט מורא אַז זײַן בּליק קען פֿאַרשאַטן אָדער האָט אַרויסגעבּראַכט אַ קללה, צי גערעדט וועגן אַן אומגליק וואָס קען

געשען. בּ) ווערט געזאָגט מיט רוגזא צו איינעם וואָס דערזעט ניט (בּאַמערקט ניט, פֿאַרשטייט ניט אע). אויך מיט אַ צוגאָבּ: און פֿעפֿער דיר אין נאָז.

זײַן אויפֿן אויג = נאָכגעקוקט ווערן. ,,ער איז געווען שטענדיק בּײַ די גאַסיקע מיידלעך אויפֿן א,,,, אַר, ,דער איינציקער בּחור,. *זײַן מיט עמעצן אויג און אויג (אַן אויג מיט אַ בּרעם) = זײַן זייער איבּערגעגעבּענע פֿרײַנד.

דער טאַטע (די מאַמע) אויסן אויג = זעט אויס אינגאַנצן ווי דער טאַטע (די מאַמע).

טאָן אַן אויג אויף עמעצן =אַ קוק טאָן

אויף אים, אַרכ. „בּרענגט אים אַראָפּ צו מיר, איך זאָל טאָן מײַן אויג אויף אים„, תּי, בּראשית, מד, 21: 'ואָשׂימה עיני עליו'. *טאָן מיט (האַלכ־)פֿאַרמאַכטע אויגן = א) אָן חשק, שלעפֿעריק; בּ) טאָן עפּעס וואָס מע קען זייע▯־ גוט, וואָס מען איז געניט אין דעם.

טרייפֿענע אויגן = וואָס בּאַגערן דאָס פֿאַרווערטע, זינדיקע, תּאווהדיקע.

אַ יאַריד צווישן די אויגן = צעטראָגן, עס ווילט זיך אַלץ טאָן אָדער גרייכן אין דער זעלבּיקער צײַט.

כּשרע אויגן = מילדע, פֿרומע, צניעותדיקע, עניוותדיקע, ערלעכע.

לייגן אַן אויג = זען, היטן, אַזוי ווי טאָן אַן אויג. < שׂים עין, אַ סך מאָל אין תּנך.

ליכטיק ווערן אין די אויגן = א) (אומגעריכט) דערלעבן גוטס (ווי למשל: דערהערן אַ פֿריילעכע בּשׂורה, עסן ווען מען איז זייער הונגעריק אע). [פֿרגל: 'ראו נא כּי ארו עיני כּי טעמתי מעט דבש הזה„ שמואל א, יד, 29].

מאַכן אויגן (אייגלעך, אייגעלעך) = וואַרפֿן בּליקן, קאָקעטירן. *מאָכן גרויסע אויגן = קוקן מיט חידוש, פֿאַרוואונדערונג. *מאַכן עס גייט (עס קומט אָן) ▯▯יאָנד

וט פֿון

מיטן אויג = געבן אַ וואונק, ייט.

י

די אויגן = מיט זייער גרויסער אָנשטרענגונג, מיט שווער מאַטערניש.

מילכיקע אויגן = אָן אויסדרוק. קוקן מיט מילכיקע א'ן.

מעסטן מיטן א, = א) גוט באַקוקן; ב) אָפּשאַצן די אַנערכדיקע גרייס פֿון עפּעס.

„...ווי גרויס די זון איז און ווי קליין זי זעט אויס, דאָס מעסט מען שוין מיטן א'“, פּרץ.

ניט אַראָפּנעמען (ניט אָפּטאָן, ניט אַוועקרײַסן, ניט אָפּרײַסן, ניט אַראָפּלאָזן) קיין אויג (די אויגן) פֿון עמעצן = א) היטן די גאַנצע צײַט; ב) זײַן פֿאַרכאַפּט פֿון שיינקייט, פֿון הדרת־פּנים.

ניט גלייבן די אייגענע אויגן = זײַן שטאַרק פֿאַרוואונדערט פֿון געזעענעם.

ניט געבן (אַפֿילו) אַ פּינטל מיטן אויג = ניט אַרויסווײַזן קיין אויפֿרעגונג, קיין געפֿיל (דעריקר בײַ אַ סכּנה).

ניט האָבן קיין אויג = ניט קענען זיך ווײַזן. „נאָכדעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן האָט ער דאַ מער קיין אויג ניט“.

ניט וויסן וואו די אויגן אַהינצוטאָן = זײַן אין גרויס פֿאַרלעגנהייט. זיך שעמען.

ניט לאָזן אויף די אויגן = טרײַבן פֿון זיך, ניט צולאָזן צו זיך.

אוי□

ניט קענען אָפּרײַסן (אָפּטאָן, אָפּנעמען, אַראָפּנעמען, אַוועקנעמען) די אויגן = קוקן מיט באַוואונדערונג אַ לענגערע צײַט און ניט וועלן אויפֿהערן. *ניט קענען (זיך) ווײַזן (פֿאַר) די אויגן = זיך שטאַרק שעמען.

נעמען די אויגן אין די הענט = אָנהייבן זיך אַרומצוקוקן, אָנגעשטרענגט לייגן אַכט. אָפּט איר. "ס'איז געבליבן, אַז מע מוז נעמען די פֿיס אויף די פּלייצעס און די א'ן אין די הענט און עולה־רגל זײַן", שע. *נעמען מיט די אויגן = א) זײַן אַ געניטער גנבֿ. ב) אויסנעמען, געפֿינען חן.

סוויטשען אין די אויגן = א) אָפּלייקענען; ב) דזוו צוויקן מיט די אויגן.

עסן (אויפֿעסן, שלינגען) מיט די אויגן = אַרויסווײַזן שטאַרקן באַגער, גרויס לײַדנשאַפֿט צו עפּעס, עמעצן.

ע▯ענען די אויגן = א) אָנווײַזן אויף אַ טעות; בּ) ציִען די אויפֿמערקונג צו עפּעס; ג) אויפֿקלערן, געבן צו פֿאַרשטיין [פֿרגל: 'ונפֿקחו עיניכם והייתם כאלהים ידעי טובֿ ורע', בּראשית, ג, 5]. *עפֿענען אַ האַלבּ א, = בּלויז אַ בּיסל אַ קוק טאָן.

אַ פּינטל מיטן אויג = א) אָנוואונק, אָנצוהערעניש. בּ) אויגנבּליק. *פּינטלען מיט די אויגן = אויך: א) זײַן אין אַ פֿאַרלעגנהייט; בּ) זיך מאַכן תּמעוואַטע; ג) כּדי מע זאָל ניט בּאַמערקן אַ טרער. „דער מאַמען ווערן די א'ן פֿײַכט...עפּעס האָבּן בּײַ איר אָנגעהויבּן צו פּינטלען די א'ן...און גייט אַוועק אין אַ ווינקל אַרײַן‟, פּרץ, זכרונות.

פּישן מיט די אויגן = חוזק־אויסדרוק פֿאַר ווײ▯ען, גראָבּ.

פֿאַרבּונדענע אויגן = אײַנגעגלייבּט, פֿאַרפֿירט פֿאַנאַטיש.

פֿאַרבּלענדן די אויגן = פֿאַרפֿירן.

פֿאַרגאָסענע אויגן = אויך:
תּאווהדיקע, שיכּורע.
פֿאַרגלאָצן (מיט) די אויגן = אַרײַנפֿאַלן
אין התפּעלות;...צום הימל = זײַן צבֿיעותדיק,
היפּאָקריטיש. *פֿאַרגלאָצטע (פֿאַרגלייזלטע) א'ן
= פֿון אַ צבֿועיאַק.
פֿאַרוואַשענע אויגן = דזוו
פֿאַרשטאָכע ▯ א'ן ←.
נ
פֿאַרכאַפּן דאָס אויג (די אויגן) =
שטאַרק ווירקן מיטן אויסזען, מיט שיינקייט.
פֿאַרלאָפֿן אויג = צעקלאַפּט,
בלוינאון־בלוי, אונטערגעשלאָגן. *פֿאַרלאָפֿענע אויגן
= אויך: צאָרנדיקע, רציחהדיקע, שיכּורע.
פֿאַרלירן פֿון די אויגן = ניט וויסן וואו
עמעצער געפֿינט זיך.

-

פֿאַרמאַכטע אויגן = וואָס זעען ניט
דעם אמת. *פֿאַרמאַכן אַן אויג = דזוו צומאַכן
אַן אויג. *פֿאַרמאַכן די אויגן אויף עפּעס =
ניט וועלן וויסן פֿון עפּעס, בכּיוון ניט דערזען
אַ חסרון.
פֿאַרנעמען דאָס אויג, די אויגן = דזוו

פֿאַרכאַפּן דאָס אויג ←. ,,ס'קופּערוואַרג האָט
געשײַנט, געפֿינקלט, פֿאַרנומען די א'ן“, ממוס.
,,ס'פֿינגערל פֿאַרנעמט די א'ן,,, פּרץ. *
פֿאַרנעמען מיטן א, = אַרומנעמען מיטן בליק.
,,ציִען זיך אַוועק...פֿעלדער תּבֿואה העט־לאַנג,

אדיג

ניט צו פֿאַרנעמען מיטן א',,, ממוס, ספֿר
□בּ□מורנ.
פֿאַרסאַלאַווייעטע אויגן —
פֿאַר□--
חלומט, צעטומלט. *אַרומגיין מיט פֿ, א, =
שוועבן אין די הימלען, ניט וויסן וואָס עס
טוט זיך אַרום (ווילנע).

□

□אַרקוקטע אויגן = פֿאַרחלומטע.

□

פֿאַרריסענע אויגן = וואָס דריקן אויס
חוצפּה, גאווה, בּאַגער נאָך שווער־
דערגרייכלעכע זאַכן.

-

פאַרשוואַרצן די אויגן = פֿאַרשעמען, פֿאַרשאַפֿן בזיונות.

▯

פאַרשטאָכענע אויגן = העזהדיק, אומפֿאַרשעמט, אָן אַ ברעקל געוויסן און חרפּה. „ער האָט פֿאַרשטאָכענע א'ן: פֿריִער טרייַבט ער רכילות אויף מיר און דערנאָך קומט ער צו מיר נאָך אַ טובֿהלע“, רייד.
*פֿאַרשטעכן די אויגן = געבן כאַבאַר, שוחד.

פֿאַרשטעלטע אויגן = א) מאַסקירט, פֿאַלש; ב) וואָס זעען ניט דעם אמת. *
פֿאַרשטעלן די אויגן = א) ניט ווען דערזען; ב) פֿאַרבלענדן, פֿאַרפֿירן.

-

פאַרשײַנען די אויגן = אַזוי שיין אַז עס פֿאַרבלענדט.

-

פּינצטער (טונקל, שוואַרץ) פֿאַר (אין)

די אויגן = אין אַ שווערן מצבֿ, אומגליקלעך;
פֿאַרשעמט; דערשלאָגן פֿון אַ שלעכטער ידיעה.
,,עס איז פֿינצטער אין די א'ן דעם אַרבֿעטער
צו זען זײַן פֿאַרדינסט וואָס ער איז
בֿאַרעכטיקט געוואָרן,,, מחזור ליו"כּ, פֿפֿמ 1885
[□רגל: ,תּחשכנה עיניהם מראות', תּהלים, סט,
□2, און ,עולם חשך בּעדו', בּיצ□, לבּ/ב].
פֿליישיקע אויגן = תּאווהדיקע. *פֿלייש
מיט אויגן = דיק; אָן נשמה, אָן גײַסטיקייט.

□

פֿרעמד אויג = פֿון אַ זײַטיקן, וואָס
מע וויל ניט אַז ער זאָל זען, בּאַמערקן.
אָפּהיטן דעם פֿעטן בּיסן פֿון אַ פֿרעמד א'.
,,די ווײַבּער...ווערן געהאַלטן אונטער שלאָס
און ריגל, עס זאָל אויף זיי קיין פֿרעמד א,
נישט פֿאַלן", פּרץ, געדאַנקען און אידייען...

-

פֿרעסן מיט די אויגן = שטאַרקער און
גראָבּער ווי ע ס ן מיט די אויגן ←.
צאינה־וראינה־אויגן = צניעותדיקע,

דטש.

צוויקן מיט (אין) די אויגן = זאָגן ליגן.

צוטאָן (מיט) אַן אויג = אײַנשלאָפֿן, שלאָפֿן אַ קורצע צײַט. „איך האָב אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעטאָן“. „שטיל... דער עולם ליגט אין געהאַקטע וואונדן, קיינער האָט קיין א, ניט צוגעטאָן“, [שאצקעס], דער יודישער פֿאַר־פּסח, 1881.

צומאַכן (מיט) אַן אויג (די אויגן) = א) בכּיוון עפּעס ניט דערזען; בֿ) ניט איבערטראכטן, ניט אַרומקוקן זיך. צומאַכן די א'ן — און זיך פֿאַרלאָזן אויף דעם די־הענט־ניטגעוואַשן, גיין אויף גאָטס בּאַראָט. ג) דזוו צדטאָן אַן אויג; ד) שטאַרבן, אײפּעמיזט.

קומען אויף (אונטער) עמעצנס א, = זיך ווײַזן. „...האָט אים פֿאַרטריבן פֿון זײַן שטוב אַז ער זאָל אויף זײַנע א'ן ניט קומען“, נחב. *קומען פ אַ ר די אויגן = פֿאַקטיש געשען, איבערלעבן. “איידער מע ווערט

ציק יאָר קומט אַלץ פֿאַר די א'ן“; „פֿון וואָס מע לאַכט — קומט אַלץ פֿאַר די א'ן“, שוו.

*קומען צו די אויגן — וויינען מחמת חרטה, שטאַרק חרטה האָבן. „היינט אַרט עס דיך ניט, אָבער שפּעטער וועט עס קומען צו די אויגן“.

קוקן גלייַך אין די אויגן = זיין מוטיק, זיכער בייַ זיך, ניט פֿילן קיין שולד. *ניט קוקן אין די א'ן ווי אַ זינדיקער. *קוקן אין די א'ן = זיין גרייט צו באַדינען, העלפֿן, וואַרטן אויף אַ באַפֿעל. *קוקן זיך אין די אויגן = זיין פֿאַרליבט. *קוקן דעם טויט אין די אויגן = זיין אין גרויס סכּנה (און זיך ניט פֿאַרלירן). *קוקן מיט אַ קרום אויג, קוקן קרום = מיט כּעס, רוגזא, אומצופֿרידענערהייט. *קוקן מיט זיבן אויגן = זייער גוט, זייער זאָרגעוודיק קוקן, זוכן. [פֿרגל: "על אבן אַחת שבֿעה עינים", זכריה, ג, 9]. *קוקן מיט טויזנט א'ן = אָנגעשטרענגט אויפֿפּאַסן.

קלאָ ן מיט אויגן = שוטה, אומבאַהאָלפֿענער, אומגעלומפּערטער.

קעלבערנע אויגן = נאַרישע, תּמעוואַטע, התפּעלותדיקע. „פֿאַרגלייזט אַ פּאָר קעלבערנע א'ן צום באַלקן און טאַנצט מיט התלהבֿות, אַז די האָר ברענען„, פּרץ, 'פּורים־שפּילער'.

קעצישע אויגן = כיטרע, פֿאַלשע.

קרומע אויגן = א) קאַסאָקע, שיקלדיקע;

בּ) אומגינציקע, וואָס זעען נאָר חסרונות.
קריגן אַן אויג בּײַ עמעצן = געפֿעלן ווערן. „אויבֿ זיי וועלן קריגן אַן א, בּײַ אים, וועט זי שוין דערנאָך דערגרייכן אַ פֿײַג„„ בּימקאָ.
קריכן אין (פֿאַר) די אויגן = בּאַלעסטיקן; זיך דרייען אַרום אַ וויכטיקער פּאַרשוין, חנפֿענען. *קריכן מיט די אויגן אין האַרץ אַרײַן = וועלן דערגיין וואָס אַן אַנדערער פּילט.
רויך אין די אויגן = ווייטיק; פֿאַרבּלענדעניש. „ער בּלאָ􏰀ט (לאָזט) אים רויך אין די אויגן„ = ער מאַכט אַן אָנשטעל, שטעלט זיך אַרויס גרויס. [פֿרגל: 'וכעשן לעינים„ משלי, י, 26].
רייבּן (זיך) די אויגן = זיך חידושן,

זיך וואונדערן; ניט גלייבּן וואָס מע זעט.
רײַסן די אויגן = א) פֿאַרשאַפֿן
אומאָנ􏰀--
גענעמקייט דורך שרײַאיקע קאָלירן, משונהדיק אָנטועכץ; בּ) חוצפּהדיק אויפֿפֿירן זיך.
רעדן מיט די אויגן = געבּן עפּעס צו פֿאַרשטיין מיט אַ וואונק, אַ בּליק.

דאָס רעכטע אויג = חשובֿ, טײַער.. "דער שוחט איז דאָס רעכטע א, בײַ די קצבֿים, ער איז אַ גרויסער מומחה אין זײַן מלאָכה",
ויִפּאָל, 1884, 13 No.

שאָקלען אַן אויג = אָנסטראַשען; מאַכן אַ טומל. *סע שאָקלען זיך ביידע אויגן ⌷ = אַז שותּפֿים אָדער מאַן און ווײַב קריגן זיך.
*עס שאָקלט זיך בײַ אים אַן אויג = (וואוילינגעריש) ער האָט אַ שטאַרקן חשק צו עפּעס. ,,ווען ער דערזעט אַ שיין פּנימל, שאָקלט זיך בײַ אים אַן א'".

אַ שאַר⌷ אויג = מיט אַ פֿעאיקייט גלײַך צו דערזען דאָס וויכטיקע אָדער אַלע פּרטים, צו באַנעמען דעם עיקר. *האָבן אויף עמעצן

אויג

אַ שאַרף א, = שטרענג נאָכקוקן. ,,די שטילע [משוגעים] האַלט מען צוזאַמען, מע האָט אויף זיי אַ שאַרף א'", פּרץ, אַ רופֿא, צי אַ חולה?'.

,

שודאַדצן זיך די אויגן = זיך דערנידעריקן, טאָן עפּעס וואָס מע האַלט אַז עס איז ניט בכּבודיק, אומווערדיק. [אָפּטער: שוואַרצן

זיך דאָס פּנים]. *שוואַרץ ווערן פֿאַר די אויגן — דזוו פֿינצטער פֿאַר די אויגן ←. „עס איז געגנוג אַן א, צו וואַרפֿן, עס זאָל שוואַרץ ווערן פֿאַר די א'ן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

שווימען פֿאַר די אויגן = אַרומדרייען זיך פֿאַר די אויגן, שווינדלען אין קאָפּ.

שטיין פֿאַר די אויגן = האָבן אַ בולטע, קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן עפּעס, עמעצן; גוט, לעבעדיק געדענקען מיט אַלע פּרטים. „די גאַנצע זאַך (סצענע, פּאַסירונג) שטייט מיר נאָך פֿאַר די א'ן„.

אַ שטיק הינטן (תּחת, פֿאָרץ) מיט אַ פּאָר אויגן = וואול. גראָבער, אומריינער, מגושמדיקער מענטש. *אַ שטיק פֿלייש מיט אויגן = אַ גולם.

שטעכן אין די אויגן, שטעכן די אויגן מיט = אויפֿווײַזן עמעצן זײַן אומרעכט, זײַן עוולה; רײַסן די א'ן. שטעכן מיט די א'ן = קוקן זייער בייז.

שטעלן אויג אויף אויג = צונויפֿפֿירן דעם באַשולדיקער מיטן באַשולדיקטן.

אַ שטרוי אין אויג (די אויגן) = א) עפּעס וואָס שטערט, שטעכט; ב) וואול וועגן

סעקסועלן פֿאַרקער.

שיטן (וואַרפֿן, שלײַדערן) זאַמד אין די אויגן = מאַכן אַ גרויסן אָנשטעל, פֿאַרבלענדן, אָפּנאַרן דורך גרויסהאַלטערײַ, באַרימערײַ. אויך: שטויב אין די א'ן.

שלאָגן צום אויג = אויפֿפֿאַלן, זיך וואַרפֿן אין די אויגן. *עס זאָל ניט שלאָגן צום א, = עס זאָל ניט אויפֿקומען אַ חשד.

שלינגען מיט די אויגן = א) עסן מיט די א'ן ←; ב) לייענען זייער גיך.

שלעכט אויג — היפּך פֿון גוט אויג ←.

שלעכט־אוי'ג — דזוו בייז־אוי'ג. „האָט מען צו פֿיל שטיקער עולם־הבא וואָס מע דאַרף פֿאַרן עולם באַהאַלטן...ער זאָל קיין ש'־א, נישט געבן“, פּרץ, 'וועגן מילה־סקאַנדאַל,.

שפּײַען אין די אויגן = שטאַרק

באַליידיקן אין פּנים אַרײַן. „שפּײַ אים אין די אויגן, זאָגט ער — עס רעגנט“, פֿוול.

שפּרינגען אין די אויגן = זײַן ביז גאָר חוצפּהדיק, זיך אַרויסשטעלן מיט באַרימערײַען.

תהינה־אויגן = אויסגעווײנטע, כשרע.

פּפֿ: אויגן ווי בּ אַן אָדלער, ווי בּורשטין,
י

דימענטן (צוויי), טויבּן ['עיניך יונים',
שירהשירים, ד, 1], לאַמטערן, מאַנדלען, קאַרשן,
(הייסע) קוילן; ווי צוויי זונען, שטערן,
שטערנדלעך; ווי שפּאָנגעלעס (זשוראַווינעס
[= זשוואַווע, בּרעניקע]. א'ן ווי די הבֿדלות.
אויגן־פֿײַער, א'ן־פֿלאַם־פֿײַער, א'ן־בּרען־פֿײַער.
האַלטן ווי אַן (דאָס) א, אין קאָפּ [= זייער
טײַער]. היטן ווי דאָס א, אין קאָפּ, ווי די א'ן

אויגאַנעווען

אין קאָפּ. זיך היטן ווי פֿאַר אַ שטאָך אין א,.
טיף ווי אַן א'; זען ווי אַ פֿלאָנדער(קע) מיט
איין א'; ליבּ ווי דאָס א, אין קאָפּ; נייטיק ווי
דאָס א, אין קאָפּ (ווי אַ דריט א,, איר). פֿול
וו אַן אויג [= מיט אַ קויפּ]. שלעכט ווי אַ
י

דאָרן (אַ שפּאָן, אַ שפּין) אין א'. [פֿרגל: 'קוצים
אַתּם מטילין לי בּעיני', סנהדרין, לח/א]. א'ן
בּרענען, גלאַנצן, לײַכטן, שײַנען ווי די הבֿדלות
(ווי ליכט). א'ן שטעכן ווי נאָדלען, ווי שפּיזן.
אויגאַנעווען — אוטוו. ־נעווע, געאויגאַנע.

ווערט. נעאָל? קוקן מיט גרויסע אויגן; גלאָצן
פֿון אַ בּאַהעלטעניש. „און שאָטנס שטילע,
פֿינצטערע...אויגאַנעווען פֿון אַלע שפּאַלטן“,
מאָל, אין לאַנד פֿון מײַן געבּיין.
אויגאַ'נעס — . די, בּמ. אייגנאַרטיקע
פֿאַרגרעסער־פֿאָרעם. < אויגן. אויך: אוי'געגעס. זן
אויגאַ'ניס [־עס פֿאַרבּיטן מיט מצ־ענדונג ־ים].
גרויסע, אַרויסגעשטאַרצטע, בּולטע אויגן (אָפֿט
מיט שפּאָט, בּיטול). אָנקוקן מיט פֿאַרחידושטע
א'. אויסשטעלן, אויססאַלאָפּען די א'. די א,
פֿינקלען ווי פֿײַערן, שטורקאַצן. „אַזוינע
כּלבֿים מיט בּלוטיקע פֿאַרגאָסענע א'„, פּרץ,
זכרונות. „אַ ייִנגל מיט אַ מיחוש...נאָר א,
עפּעס אַזוינע גרויסע„, פּרץ, חטידיש. „די א,
אָנגעגאָסן מיט פֿאַרוואונדערונג און
פֿאַרדאַכט„, חג, ישיבֿה.
אויגאַפּל — דער, ־ען. דזוו אויגנאַפּל ←, אַפּל
פֿון אויג. 'יצרנהו כּאישון עינו, (דבֿרים, לבּ,
10) פֿאַרטײַטשט מלל: 'אויג אַפּיל„ און אויך
תּי: א'. „היט אים ווי דײַן א, וואָס צינדט מיט
זון די ערד“, סוצ, וואַלדיקס.
אויג־בּרוינע — די (אצ & מצ גלײַך?). אַרכ.
< brâ, ue[]נb + נון. בּרעם איבּער אַן
אויג. 'ואת גבּות עיניו, (ויקרא, יד, 9)

פֿאַרטײַטשט מלל: 'אויג ברונין', אָבער תּי: „און די ברעמען פֿון זײַנע אויגן".

אויגברעם — די, ־ען. (געווײנטלעך מצ). ווִיע, האָר אויף אויגנלעפּלעך. [sto פֿאַרטײַטשט עפּעפּים, — א'ען].

אויגוסט — דער. מצ נב. אַכטער חודש אין יאָר פֿון אָנגענומענעם קאַלענדאַר, צווישן יולי און סעפּטעמבער, האָט 31 טעג [נאָכן נאָמען פֿון רוימישן קייסער אויגוסט(וס) 1. יה].

אויגוסטיניזם — דער. מצ נב. קריסטלעכע טעאָלאָגישע שיטה (מיט פֿאַרשטאַרקטער נייגונג צו מיסטיק) וואָס איז זיך סומך אויף דער לערע פֿון הייליקן אויגוסטין (5. יה).

אויגוסטינער — אדי און סוב. נאָמען פֿון פֿאַרשיידענע קאַטוילישע מאָנאַכישע אָרדנס זינט דעם פֿריִען מיטלעלטער [אויפֿן נאָמען פֿון הייליקן אויגוסטין].

אויגור — דער, ־ן. פֿאָרויסזאָגער, טרעפֿער. פּריסטער אין אַנטיקן רוים [וואָס זאָל האָבן פֿאַרמאַגט די פֿעאיקייט פֿאַרויסצוזאָגן אָנקומענדיקע געשעענישן. זײַנע טרעפֿענישן פֿלעגט דער א, באַגרינדן מיט באַשטימטע סימנים, ווי: דעם אופֿן ווי עס פֿליִען פֿייגל, אינגעווייד פֿון אַ דערהרגעטער חיה אאַ]. שמייכל פֿון א,

= צווייד־טיקער, פֿאַרפֿירערישער שמייכל.
אויג־זכּרון — [...־זיקאָ'רן] דער. מצ נבֿ.
זעזכּרון פֿעאיקייט צו געדענקען וואָס מע האָט
,
געזען. „...מוז זיך דער טעאַטער־קריטיקער

135

פֿאַרלאָזן אויף זײַן אויג־ און אויער־זכּרון“,
שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער.
אויגיאַס־שטאַלן — אויסדרוק (פֿון גריכישער
מיטאָלאָגיע) אומגעהײַערע פֿערדשטאַלן פֿון
קעניג אויגיאַס וואָס הערקולעס האָט אין איין טאָג
זיי אויסגערייניקט פֿדן שמוץ, אָנגעזאַמלט
במשך פֿון 30 יאָר. אויסרייניקן א,־ש, =
באַזײַטיקן מיט גרויס אָנשטרענגונג אומאָרדענונג
און קאָרופּציע וואָס אַ שלעכטע פֿירערשאַפֿט
האָט גורם געווען.
אויגי'ט — דער, ־ן. < איי < גר. זעלטענער
מינעראַל, גלאָז־גלאַנציקער שוואַרצער
פּיראָקסין־שטיין.
אויגיק — אַדי. 1. וואָס זעט אויס ווי מיט
אויגן (ווי מיט אַן אויג). די פּאַווע מיט איר
א'ן עק; א'ע פֿליגעלעך פֿון אַ פֿלאַטערל.

„...איז די לבֿנה באַזונדערש הײַנט פֿול־
פּנימדיק, א',,, הל, ,הירש לעקערט'. 2. וואָס
איז פֿול מיט אויגן, מיט מענטשן וואָס
קוקן. נעאָל. „אינמיטן אַ רוישיקן, א'ן זאַל
מיט טראַסק גיי איך פּלוצלינג אַראָפּ פֿו
די שינעס“, מאָל, אין לאַנד פֿון מײַן געביין.
3. וואָס איז אַזוי ווי אַן אויג. נעאָל. „אין
צימערל איז א, בלאָ“, סוץ, אין פֿײַערוואָגי,
1952.
אויגלען — אוטוו. אויגל, געאויגלט. נעאָל
(אָדער פֿון דײַטש ugeln). וואַרפֿן אייגלעך,
קאָקעטירן מיט בליקן. „ער פֿאַרמאַטערט נישט
מיט האַלבע ווערטער, ער אויגלט נישט מיט
די אויגן“, נאד. [נר.]
אויגלשטיר — ← אַגלאַסטער.

-

אויגן־אויסכאַפּער — דער, ־ס. טייל פֿון
וועבשטול וואָס נעמט אַרויף די אויגן פֿון
געוועב (← אויג, ב 20).
אויגנאַפּל — דער, ־ען. 1. קײַלעכדיקער טייל
פֿון זע אָרגאַן וואָס געפֿינט זיך אין אויגנלאָך
-
(איז אין פֿאָרעם אַ ביסל ענלעך אויף אַן

עפּל); פֿולער דרויסנדיקער טייל פֿון
זעאָרגאַן. „גרויסע, אויסגעשטאַרצטע א'ען וואָס
לויערן און חוזקן שטילערהייט“, בעל־מחשבֿות
 2 .I. שוואַרצאַפּל, קליינמענטשעלע,
פּופּיל(ע). „וואַסעריק־באַהאַלטענע אויגן מיט
די גרויע ווערעמלעך אויפֿן אָרט פֿון א'“,
פּרץ, „גוטע פֿרײַנט'. „די גרינע א'ען האָבן
געבֿרענט ווי בײַ אַ וואָלף“, באַש, טן פֿון גאָריי
אויגנאַקס ——— די, ־ן. אָפּטישע אַקס, די
פֿאַרלענגערונג פֿון דער אַקס וואָס גייט דורך
די לינדז פֿון אויג.
אויגן־בײַטעלע — דאָס, ־ך. אַראָפּהענגענד ־
קע הויט, אין פֿאָרעם פֿון אַ זעקל, בײַם
אונטערשטן אויגנלעפּל. „...האָט פֿון איבער
געשוואָלענע א'־בּ'ך אומפֿרײַנדלעך א קוק געגעבֿן“,
בּערג, בדוס דניעפּער II.
אויגנבֿלום — די, ־ען. בלום וואָס דערמאָנט
מיטן אויסזען אין אַן אויג (אין פֿאַרשיידענע
געגנטן פֿאַרשיידענע מינים). ספּעצ
פֿעלד .
געוויקס מיט רויטע אָדער ווײַסע בלימעלעך
וואָס האָבן אַ טונקעלן צענטער. געווען געניצט
ווי אַ היימישער מיטל צו היילן אויגן.

Anagallis arvensis אויגנבליץ — דער, ־ן. צײַטאָפּשניט וואָס
איז אַזוי קורץ ווי געדויער פֿון אַ בליץ, גיכער

אויגנגלעזערדיק

בליק מיט אַן אויג; הרף־עין, אויגנבליק, רגע.
„איך קען אין איין רגע, אין איין א', מאַכן אַ
סוף צו דעם ציינער־געקריץ“, אַלף כּץ. [אַנדער
ב ווי אויגן־בליץ: אַ בליץ מיט אַן אויג.
„[די ייִדישע טעכטער] ציט פֿון דער היים
אַרויס...יעדער...אויסגעהערטער קאָנצערט,
יעדער אויגן־בליץ פֿון אַ פֿאַרבײַגייענדן „רעמדן“,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען].
אויגנבליק — דער, ־ן. צײַטאָפּשניט וואָס איז
אַזוי קורץ ווי געדויער פֿון איין בליק מיט אַן
אויג; הרף־עין, רגע, מאָמענט. אין דעס א, =
אָט גלײַך, תּוך כּדי דיבור. אין איין א, =
שוין, תּיכּף ומיד. דערזען, דערפֿילן,
דורכלעבן אין איין א.. „אַלע אַגנבליק [← אַג] אַ
אַנדערע גזירה“, טענדלאַו, 753. „איין אויגן
בליק זאָל זיא זיך ניט זוימן/, אַל דינג זאָל
זיא גאַר עבן אויף רוימן“, קוא בוך, פּפּמ,
תּנ“ז, מד/ב. „מיר זענין פֿאַר אונש גיפֿארין

און, איך האָבֿ מיך אלי אַגין בּליק אום
גיזעהן נאָך מײַן יאקאב,,, גה, 102. ,,אויף
גבּליבּן איזט ער דיא גאַנצי נאַכט אין איין שטיק/
אונד ניט מפֿסיק גוועזין איין אויגין בּליק,,,
'בּחורים־ליד', 1750 [וואַכשטיין־בּוך, 349].
,,די גאַנצע וועלט טרעפֿט בײַ אים גאָרניט אָן,
אַפֿילו ווי איין א',,, נחבֿ, 'מעשׂה מהז,
בּעטלירס,.
אויגנבּליקלעך — אַדי. וואָס קומט פֿאָר,
געשעט (אָדער ווערט, דאַרף געשען) מיט דער
גיכקייט פֿון אַן אויגנבּליק; מאָמענטאַן. ,,א,
האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבּערן
האַרץ,,, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.
"יהודה...גרייט צום רוף צום א'ן,,, אַל III.
אויגן־בּעקן — דער, ־ס. ספּעציעלע כּלי מיט
אַ פֿליסיקייט אויף צוצולייגן צו איר אַן אויג
א□עזל, אויגז־בּעבּ□ע□ אויך:
אויגנג ר.
עס אויסצושווענ .

אויגן־בּרעם — די, ־ען. בּרעם פֿון אויג. ,,זײַנע
א'ען זײַנען פֿול געווען מיט...בּרעקלעך
פֿינצטערניש", איק, ר,,ה תּשכ,,א.
אויגנגלאָז — דאָס, ־גלעזער. 1. גלאָז פֿון

מיקראָסקאָפּ (אָדער אַן אַנדער אינסטרומענט
מיט מער ווי איין גלאָז) וואָס איז צום
נאָענטסטן צום אויג. 2. לאָרנעט. 3.
פֿאַרגרעסער־גלאַז [בּב 2, 3 אין 19. יה].
אויגן־גלאָצעניש — דאַס (די), ־ן. אויך:
פֿאַלשע אָדער איבּערגעטריבּענע התפּעלות;
איבּערמאָסיקער אַרויסווײַז פֿון פֿרומקייט. „אַ
בּילד פֿון אַ קיבּוץ, געמאָלן אָן א'־ג, און אָן
סאָץ אַליסטישע דבֿיקות“, מוק, טמז, 1958
י

III ו 10.
אויגן־גלאָצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס גלאַצט מיט די אויגן בײַם
אַרויסווײַזן פֿרומקייט, גאָטספֿאָרכטיקייט; צבֿועיאַק;
ווער עס פֿאַלט אַרײַן אין איבּערגעטריבּענע
התפּעלותן. „דעם א'־ג, האָט ער בּאַלד
דערטאַפּט און מיטן שאַרף פֿון משל אים
צעקלאַפּט“, אַל I I. “ער איז ניט געווען קיין
א'־ג', קיין מוסר־זאָגער, קיין מאָראַל־
פּרעדיקער“, מוק, פּרץ און דאַס ייִדישע טעאַטער.
אויגנגלעזער — די. בּמ. בּרילן (פֿאַרשפּרייט
אין אַמעריקע). ← אויגנגלאָז.
אויגנגלעזערדיק — אַדי. וואָס איז מיט

בּרילן, קוקט דורך בּרילן. „אַ קורצזיכטיקער,

אויגנגלעזעריש

א'ער נפֿש וואָס רעדט וועגן ניט־געלייענטע
בּיכער“, רייד.
אויגנגלעזעריש — אַדי. נעאָל. וואָס זעט
נישט דירעקט, נאָר מיט דער הילף פֿון אַן
אינסטרומענט (אָדער וואָס חקירה פֿאַרבײַט בײַ
אים דאָס זען). „דער א'ער יאָר־עדות פּראָפּ,
בּובּער„, צײַט, טמז, 26 1954 III.
אויגנגראָז — דאָס, ־ן. דזוו אויגנטרייסט ←.
אויגנגרובּ — די (דאָס), ־גריבּער. „דאָס אויג
ליגט אין אַ ביינערנער גרובּ אין שאַרבּן —
אין א, אָדער אויגנהייל“, איבּז דר, איסעל,
שמייל, דער מענטש.

טער וואָס היילט אויגן־קראַנקייטן. 2.
דאָקאדיגן־דאָקטער — דער, ־דאָקטוירים. 1.

דאַקטער וואָס פֿאַרשרײַבּט די פּאַסיקע בּרילן.
אויגן־דועל — דער, ־ן. פֿאַרמעסטונג, ווער
עס וועט קענען לענגער אויסהאַלטן דעם
צווייטנס בּליק; דאָס קעגנזײַטיקע באַטראַכטן

איינער דעם צווייטן מיט פֿײַנדלעכע בליקן.
אדיגנדיק — אַדי. אויגיק ←; וואָס איז, קומט
פֿון אויגן, איז פֿאַרבונדן מיט אויגן; וואָס
האָט אויגן. א'ער מוסטער; א, געמעל. ,,דער
טויזנט־א'ער מלאך־המוות“, ,,לויערדיקע,
פֿײַער־אויגנדיקע, הונגעריקע הינט,,, בראָד. ,,...ווי
אַן א, געווייַן פֿון אויסגעדראָטיקט־שטײַפֿע
שליפֿן...,,, פמ, סתּם.
אויגנדעקל — דאָס, ־עך (געווײַנטלעך אין
מצ). אויגנלעפּל, אויגנלעדל. ,,דאָס שווערע
עסן...האָט צענומען דאָס יונגע, צעוואָקסענע
לײַב...,, געקלעפּט די א'עך“, אָפּאַ, 'פֿאַרשלאָפֿן'.
פֿון אונטערן א, קײַקלט זיך אַ טרער“ פֿאַש,

,

1 1958 .III
אדיגנהײַטל — דאָס, ־עך. 1. דאָס
דרויסנדיקע געוועב פֿון אויגעפּל ←. דאָס ווײַסע א,
— דאָס ווײַסל פֿון אויג. דאָס פֿאַרביקע,
רעגנבויגנדיקע א, — וואָס באַשטימט דעם קאָליר
פֿון אויג. 2. דזוו אויגנדעקל ←. ספּעצ
בײַ בעלי־חיים. 3. שטאַר אויף אַן אויג.
אויגנהייל — די, ־ן. ← אויגנגרוב.
אויגן־הערעלע — דאָס, ־ך. אָ הער לע

פֿון די וויִעס. אַ 'וויִע'. „זי האָט געקוקט אויף מיר און ניט בּאַוואויגן מיט די א'־ה'ו„, ישעיה שפּיגל, צוק, 1960' I.

אויגנוואונק — דער, ־ען. 1. דזוו אויגנבּליק ←. 2. וואונק, פּינטל מיט אויגן. זיך פֿאַרשטיין אויף א'. אויך:...ווינק.

אויגנוואַסער — דאָס. מצ נבּ. ספּעציעל וועסערל פֿון געלן קאָליר, וואָס אין דעם פֿלעגט מען טונקען אַ טיכל און צולייגן צו רויט געוואָרענע אויגן [על־פּי הרבֿ קאַ

-

וועטעןהןיז,

עניני רפֿואות, מ"ז] פֿקפֿ. ־וואַסער ,

. .

אוי וואָרצל — דער, ־ען. העלער, געלבּס רל.

לעכער וואָרצל פֿון אַ וואַלעריאַן־געוויקס, וואָס מע האָט געניצט ווי אַ רפֿואה קעגן קראַמפֿן אין בּויך. verbas um thaPsus.

אויגנווייטיק — דער, ־ן. יעדער מין ווייטיק אין (פֿון) אויג(ן). אויך: סתּם עפּעס וואָס פֿאַרשאַפֿט שוועריקייטן בּײַם זען (

לייענען אע). „א, און האַרצווייטיק גייען איבער אַלע ווייטיקן“, שוו. ניט קיין כּתבֿ, נאָר אַן א'. באַגערן, ליבֿ האָבן ווי א'. „...ליגט שטענדיק אין קיך, מישט זיך צום טעפּל...כאָטש

מע באַדאַרף זי דאָרט האָבן ווי א'„, ממיס, וןינטשפֿ.

אויגנווײַסל — דאָס, ־עך. 1. ווײַסל פֿון אויג.
2. שטאַר אויף אַן אויג.

אויגנווײַסלעך — דאָס, ־ן (־ער) [געווײנטלעך במ]. שטאַר, בעלמע אויף אַן אויג. „פינטלט מיט די בלינדע אויגן וואָס באַשטייען פֿון גאָרע ווײַסלעכן...פינטלט מיט די בלינדע, נאַריש שעמעוודיקע א'ער“, בערג, ,יורדים'.

אויג — די, ־ס. דזוו וויִע.

אדיג — די, ־ן. צינקזאַלבּ פֿאַר די אויגן; אויגן־שמירעכץ בכלל.

אויגנזאַלץ — די (דאָס). מצ נבֿ. דורכזיכטיקע שטיינזאַלץ.

אויגנזיכטלעך — אַדי. אַרכ. וואָס מע קען זען מיט די אויגן, קלאָר, באַשײַמפּערלעך. „די

בּרכה איז...ווען מן ניט זעהט וואו עש אַהער קומט אוגין זיכטליך,,, עיון, 1/5.

אויגן־טאָרבּעס — די, מצ. פֿאַלדן פֿון הויט אונטער די אויגן. דזוו אויגן־בּײַטעלע. ,, אָנגעשוואָלענע א', בּאַזעצט מיט פֿאַרהאַרטעווטע הויט־לעדערלעך“, אַש, תּהילים־ייִד.

אויגנטרייסט — די. מצ נבּ. נאָמען פֿון אַ געוויקס וואָס איז אין פֿאָלקס־מעדיצין אַ מיטל קעגן סקרופֿל (סקראָפֿול) און קעגן

□

א□נצי□ — די, ־לעכער. חלל אין שאַרבּן אָך דונג פֿון אויגן.

יגנוואו עס קומט אַרײַן דאָס אויג. ,,ווער פֿאַרטרײַבּט אונדז...דעם זיסן שלאָף אָן חלומות און הרהורים רעים פֿון די אויסגעגעסענע א,־ער?,,, פּרץ, בּײַנאָכט אויפֿן אַלטן מאַרק.

אויגנליד — דאָס, ־ער. דטשמ. אויגנלעפּל, אויגנדעקל. [דרייזין: אויגנלעפּל פֿון אַ פֿויגל]. ,,אַזוֹ וועלן דײַנע אוֹגן פֿרייא אַרויס קוקן, און דײַנע אוֹגנלידער גלײַך אַקעגן שטעהן“, מס,

משלי תקע״ד, ד, 25.
אויגנלינדז — די, ־ן. עלאַסטישער, זשעלאַטין־ענלעכער טייל פֿון זע־אָרגאַן, טאָפּלט לינדזפֿאָרמיק, וואָס געפֿינט זיך האַרט הינטער דעם שוואַרצאַפּל; וואָס פֿירט דורך די פֿונקציע איבערצוברעכן די אַרײַנבאַקומענע ליכטשטראַלן און צו שאַפֿן אַ פֿאַרגאַנצטע אָפּבילדונג.
אויגנלעדל — דאָס, ־עך. אויגנלעפּל, אויגנדעקל. „...ציטערט אויף די א'עך, און זיי טרערן שוין פֿון קעלט“, אָקרוטני, צוק, 1956, IX.
„פֿאַרמאַכן זיך די א'עך: אַ מאַמע שטייט צוקאָפּנס דיר, ווי עמעץ וואָלט מיט שטילע פֿינגער פֿון עבֿר אויפֿגעמאַכט די טיר,„ היימיש.
אויגן־לעדערל — דאָס, ־עך. לעדערל בײַ די אויגן פֿון אַ פֿערד (עס זאָל קענען קוקן נאָר פֿאָרויס).
אויגנלעפּל — דאָס, ־עך. הײַטל איבערן אויג וואָס קען זיך פֿונאַנדערעפֿענען און פֿאַרמאַכן און דינט ווי אַ שוץ פֿאַר דעם זע־אָרגאַן. דאָס אייבערשטע און דאָס אונטערשטע א'. אַראָפּלאָזן, אויפֿהייבן, צעעפֿענען, שליסן אאַ די א'עך.
אויגנמאָס — די, ־ן. 1. יעדער מין

בערכדיקע מאַס (פֿון שטח אאַ) לויטן בליק, לויטן
איַנדרוק פֿון אַ קוק טאָן צי באַקוקן. אַ
שאַרפֿע א,. אויפֿנייען אַ בגד נאָך דער א'. 2.
קינדערשפּיל אין ניס [מע דאַרף אָנטרעפֿן אין

אויגנקויט

אַ נוס מיט אַן אַנדער נוס אָדער מיט אַ רעסל
בדי צו געווינען].
אויגן־עדות — דער, מצ ווי אצ. עדות וואָס
האָט עפּעס געזען (מיט אייגענע אויגן),
עדראיה.
אויגנפּוטער — די. שטאָף, שליים (אייטער)
וואָס קלייַבט זיך אָן אין ווינקל(ען) פֿון אויג(ן).
אויגן־פּולווערל — דאָס, ־עך. פּראָשעק פֿאַר
אָנגעשטרענגטע, רויט געוואָרענע אויגן.
אויגנפּינטל — דאָס, ־עך. אַ פּינטל מיט אַן
אויג; אַ הרף־עין; מינימאַלער צײַטאָפּשניט.
,,איצט איז די וועלט ווי אַ פֿאַרבײַגייענדיקער
שאָטן אין דעם א, צווישן פֿאַרגענגלעכקייט
און צוקונפֿט", ייִט, קוואַלן און ביימער.
אויגן־פֿאַרבלענדעניש — דאָס (די), ־ן.
אָפּטישע אָפּנאַרונג; קונץ וואָס פֿאַרבלענדט,
פֿאַרפֿירט פֿאַרשטעלט; מיראַזש; וויזועלע

פַאר־ ,
פירעניש. „אַלץ וואָס דו זעסט איז נישט מער
נאָר פורע שווינדל און א׳־פּ׳, פַארזילבערטע
שערבלעך, אַן אויסגעבלאָזט איי„, ממוס,
שלמה.
אויגן־פַארטעכל — דאָס, ־עך. אויגנלעפל.
לאָקל, אָרשע. „די א׳־פּ׳עך [פון דער
געקוילעטער גאַנדז] פַארציִען זיך אַלץ שטאַרקער“, זש,
ממ ר.

-

אויגנסונק — דער, ־ען. גלאַנציקער און
האַסטיקער בליק מיט אַן אויג (די אויגן).
„...שוואַרצער א׳ל צווישן לאַנגע ברעמען [=
וויִעס], וועט זיך מיידלעך שעמען“, יהואָש,
,דאָס ליד פון די כּרמים׳.
אויגן־פינקלען — דאָס. מצ נב. דאָס
פינקלען מיט די אויגן. „לאָז זיא דיך נישט ווינין
מיט איר אוֹגן פינקלין“, מס, משלי תּקע„ד,
ו, 5
אויגנסיש — דער, ־ן (וועגן פַארשיידענע מינים,
אויב מער ווי איינס
פון זעלביקן מין:

די פֿיש). פֿלאָנדערקע,
וואָס איין זײַט פֿון
די שופּן מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ צאָל אויגן.
Pleuronectes.
א אַטערל — דאָס, ־עך. פֿלאַטערל (פֿון
פֿאַרשיידענע מינים) מיט פֿאַרביקע פֿלעקן אויף
די פֿליגעלעך.
אויגנפֿלוס — דער. 1. דזוו אויגנפּוטער.
2. יעדער מין אייטער, מאַטעריע פֿון אויג.
אויגנפֿלעק — דער, ־ן. רודימענטאַרער אָרגאַן
פֿון זען בײַ נידעריקע בעלי־חיים. (זן אויך:
קאַטאַראַקט).
אויגנצאָן — דער, ־ציין, ־ציינער. רײַסצאָן;
צאָן פֿון די אייבערשטע ציין, צווישן די
בײַסציין און די רײַבציין.
אויגנציל — דער, ־ן. ציל צום שיסן. טרעפֿן
אין א, אַרײַן.
אויגן־קאַמער — די, ־ן. דער אינעווייניקסטער
טייל פֿון אויג וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס
געזעענע.
אויגנקאָרט — די, ־ן. קאָרט אָן אַ פֿיגור
(געווײַנטלעך אַ צענטל אָדער אַ נײַנטל).
אויגנקויט — דער. מצ גב. דריזן־אָפּפֿאַל אין
די ווינקלען פֿון אויג. הורוויץ, ספֿר המלים,

1903. דזון אויגנפּוטער.

אויגן־קליאַפּע

אויגן־קליאַפּע — די, ־ס. 1. דזוו
אויגנלעדערל ←. 2. דזוו אויגנדעקל ←.
אויגנראַם — די, ־ען. גרענעץ־ליניע פֿון
די אויגנלעפּלעך. רויטלעכע א'. „פֿון זון און
ווינט זענען אירע ליפּן און א'ען
אויסגעשטשערבּעט געוואָרן„, אַש, תּהילים־ייִד. אויך:
אויגנרעם.
אויגנשוואַרצל — דאָס, ־עך. שוואַרצאַפּל
פֿון אויג.
אויגנשטאַר — די, ־ן (פֿאַרשיידענע מינים).
בעלמע, ,די בלינדע שטאַר', קאַטאַראַקט. אַ זקן
מיט א..
אויגנשטיק — דאָס, ־ער. טייל פֿון אַן
אָפּטישן אַפּאַראַט וואָס איז צום נאָנטסטן צום
אויג; אָביעקטיוו.
אויגנשײַן — די, ־ען. 1. שײַן, גלאַנץ פֿון
אויגן. 2. דאָס זען; דאָס וואָס מע קען
(דער)גרייכן מיט (שײַן פֿון) די אויגן. מיט,
לויט א'. “וואו איז לײַטן צו גלויבן, ווען זייא
דירש מיט אוגן שײַנן קענן בּיווײַזן,,, עיון,

1/45. 3. אָפּדאַכטעניש, אויגן־
פֿאַרבלענדעניש. ס'איז נאָר אַזוי אויף א..
אויגנשײַניק — אַדי. וואָס איז מיט שײַן פֿון
אויגן. א'ע פֿרייד.
אויגנשײַנלעך — אַדי. 1. קלאָר,
באַשײַמפּערלעך; דײַטלעך. „א'ער באַווײַז, וואָס מע קען
ניט אײַנווענדן קעגן אים“. 2. וואָס איז נאָר
דרויסנדיק, אויבנאויף. „א'ער באַווײַז, וואָס
וויל גאָר פֿאַרשטעלן דעם עיקר...“.
אויגנשײַנלעכקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויגנשײַנלעך. אַן
א, ניט אָפּצופֿרעגן, ניט אָפּצושטרײַטן.
אויגנשילד(ל) — די (דאָס), ־ן (־עך).
ספּעציעלער דאַשעק איבער די אויגן צו
קאָנטראָלירן, צום טייל צו פֿאַרשטעלן ליכט וואָס
איז צו שטאַרק פֿאַר די אויגן. „אַ
זייגערמאַכער מוז אַרבעטן מיט אַן א'“, דרייד. אויך:
אויגנשירעם, אויגנדעכל.
אויגן־שיצער — דער, ־ס. יעדער מין
מעכאַנישער מיטל, מכשיר צו שיצן די אויגן בײַ
אַרבעטן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט אַ סכּנה
פֿאַר די אויגן.
אויגן־שלאַכט — די, ־ן. אויגן־דועל ←,
'שלאַכט, געפֿירט מיט די אויגן. “זיי האָבן

זיך אַ לאַנגע צײַט באַטראַכט, ווי
אויסגעפּרוווט צוערשט אַן א־ש',,, אַלף כּץ, חלום
עליכם.

אויגנשלאַנג — די, ־ען. מין גראָזשלאַנג,
אוזשאַק, אָן גיפֿט, מיט
העלע פֿלעקן אויף
שוואַרצלעכער פֿעל. Colub□r

.□11]□][□
אויגנשפּאַלט — די, ־ן. שטח צווישן
געעפֿנטע אויגנלעפּלעך. ,,...געשמאָלט די
אומעטיקע א'ן ווי אויף אַנטשל□ □.גנשפּאַ□“,
פֿ צו ווער
ל.
בערג, בײַט דניעפּער I. אויך:
,,געבליקט מיט קוים־קוים געעפֿנטע
אויגנשפּאַרעלעך“, ישעיה שפּיגל, צוק, 1960, I.
אויגן־שפּאַרונע — די, ־ס. ← דפֿוו. 1. ווינקל
פֿון אויג. ,,הייסער, טרוקענער שטויב...קריכט
אין די נאָזלעכער, אין די א־ש'ס“, ברעגמאַן,

דורך קריג און רעוואָלוציע 2 .II.
אויגנשפּאַלט.

אויגנשפּיגל — דער, ־ען. 1. אָפֿענער טייל אויג. גלאַנציקער א., „דורך דעם זע־נערוו שפּיגלט זיך אָפּ בײַ אונדז אין מוח אַלץ וואָס געפֿינט זיך פֿאַר אונדזערע א'ען,„ קמ, 1865, No 2. 2. דער טייל פֿון אַרום וואָ 1 מע זעט מיט אַ בליק. זײַן אין א'.

אויגנשפּיל — די & דער, ־ן. דאָס אויסדריקן געפֿילן מיט בליקן; קאָקעטערײַ מיט ווינקעניש פֿון אויגן. „ניט געוואוסט וועגן דעם א, און רויט ווערן,„ דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 30 1957 X.

אויגנשפּראַך — די, ־ן. דאָס אויסדריקן עפּעס, דאָס ענטפֿערן אויף עפּעס מיט אויסדרוק פֿון בליק, מיט וואונק פֿון אַן אויג (די אויגן). ענטפֿערן יאָ אויף א'.

אויגסבורג — גג. שטאָט אין בײַערן. אַלטע ייִדישע קהילה וואָס האָט שטאַרק געליטן אין יאָר פֿון 'שוואַרצן טויט, (1348). גירוש אין 1439. אין 16. יה — דרוקערײַ וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ייִדישע ביכער, ווי: די א'ער חומש־איבערזעצונג און דאָס שמואל־בוך (1544). אין 1927,1 — 100 ייִדן. אַדי & סוב ־ער. עלטערע פֿאָרמען: אוישבורג, אויגשפּורג, או(י)שפּורק, אוישבורוק,

אישפּרוקאַ.
אויגע — די. מצ נבֿ. טערמין אין סטאָל(י)ערײַ, געלע פּאָליטור.
אוי'געגעס — דזוו אויגאַנעס ←. „אויסגעזען האָט ער טאַקע מגושם: הויך, בּרייט אין אַקסל, מיט אַ פּאָר גרויסע א'‟, פּרץ, 'משוגעים'. „ טאָמאָבּילן, בּיליקעס, רירעוודיקע מײַזלעך, בּרענעדיקע א', אויף די פּלייצעס הײַזלעך‟, קוו, רינג אין רינג.
אויגעפּל — דער. (מצ ווי אצ). דאָס גאַנצע אויג וואָס געפֿינט זיך אין אויגנלאָך (דערמאָנט אין פֿאָרעם אין אַן עפּל). אויך אויגאַפּל ←.
אוידיטאָריע — די, ־ס. < איי < ל. 1. זאַל (גרעסערער צימער) פֿאַר לעקציעס, קאָנצערטן אע. אַ בּאַקוועמע א'. 2. עולם בּײַ אַ לעקציע, קאָנצערט אע. אַ פֿאַראינטערעסירטע א'.
אוידיע'נץ — די, ־ן. < איי < ל. 'דאָס אויסהערן', דאָס אויפֿגענומען ווערן מצד אַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן צוליבֿ אַ בּאַשטימטן ענין. האָבּן אַן א, בּײַם פּרעזידענט, בּײַם אימפּעראַטאָר אע.
אוידיפֿאָ'ן — דער, ־ען. < איי < ל. אַפּאַראַט פֿאַר שווער־הערנדיקע. דער א, דערפֿירט

קלאַנגען צו די הער־נערוון מיט דער הילף פֿון
אַ גומי־פּלאַט, צוגעדריקט צום קינבאַק אָדער
באַהעפֿט מיט אַ האָקל צו די אייבערשטע ציין.

אוידיציע — די, ־ס. 'דאָס צוהערן', 'דאָס
אויסהאָרכן'. פּראָבע־סעאַנס וואָס אַ זינגער אָדער
מוזיקער גיט פֿאַר אַ כאָר־ אָדער
אָרקעסטער־דיריגענט; פּראָבע־שפּיל וואָס אַן אַרטיסט
גיט פֿאַר אַ טעאַטער־דירעקטאָר, רעזשיסער.

אוידער — דער, ־ס. לאָקל (וואָלקאָוויסק,
ביאַליסטאָקער וואָיע'). הוידלקע. „דאָס האַרץ
האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ ווי אַן א„„
פּ. שטיינוואַקס, טמז, 3 ❑ 1960 .III

אויוון

אוי ואבֿוי — [אוי, ווייאַוואוי,] פֿאַרבינדונג
< משלי, כג, 29: 'למי אוי למי אבֿוי'. אוי
און וויי, אָך און וויי (בײַם אויסדריקן טיפֿן
צער, פּײַן). מיט צוגאָבן: ל י , ל ו ,
ל ך , ל נ ו אאַ [לי, לוי, לעכאָ', לאָ'גו]
= מיר, אים, דיר, אונדז. „א, ו, לי! —
פֿלעגט זי אים מיט אָנטייל ענטפֿערן„, אַר, 'די
לשון־קודשדיקע'. „אַז עס איז א, ו, צו אים,
אַז ער דאַרף זײַן אַ קרעמער פֿון שוסטערשע
צודאַטן“, חג, ישיבֿה.

אוי־וואַ, — אויסרופֿוואַרט. דזוו אָ(־)וואַ ←.
„אַ ליאַדע בחור, אַן אונטערשלאָג...אַ־וו'!“,
שע, יאָטעלע סאָלאָוויי.
אוי־וויי — [מיט אַקצענטירן ביידע טראַפֿן אויף
פֿאַרשיידענע אופֿנים, אָבער דער צווייטער
טראַף ווערט תמיד שטאַרקער אַקצענטירט]
אויסרופֿוואָרט □□י□ □□ □□י□ Mhd: o. שוין אין
□ I
ס, ר, אַנשל, 1534, ווערן פֿאַרטײַטשט: 'הוי,
(ישעיה, א, 4) — „אוי וויא“; 'אַהה, (יחזקאל,
ד, 14) — „אויווי„; הוֹ־הוֹ (עמוס, ה, 16) —
„אויווי“. אויך: אײַ־וויי. 1.
כאַראַקטעריסטישער און אָפֿטער אויסדרוק פֿון געפֿילן
פֿן □
גרויסן ווייטיק, צער, יאוש, פֿאַרלאָרנקייט אָדער
מיטגעפֿיל. „אַ־וו'! אַזוינס זאָל גאָר געשען“.
„אַ־וו'! אַזאַ אומגליק (בראָך, צרה אאַזוו)I“.
„אַ־וו', מאַמע, כ'וויל דיר עפּעס זאָגן: כ'האָב
געטאָן אַ פֿעלער...“ פֿל. „דא שרײַ ער דאש
,
מן עש הורט גאַר ווער. אויווי ליידר הוב ער אַן
צו ייִעהן. אויווי איין שלוף טראנק הון איך
גיזופֿן, אויווי איך וארכט זי זייא הין וועק

גילופֿן“, בבֿא־בוך, 356. 2.
כאַראַקטעריסטישער אויסרוף פֿון שרעק. „א־וו„ אַ שׂריפֿה
(געשלעג, חיה רעה אאַזוו)!„ [אין אוק ווב פֿון גרינטשענקאָ: „אַן אויסרוף פֿון שפּאָט איבער אַ דערשראָקענעם ייִד“]. 3. אויסדרוק פֿון פֿאַרשיידענע געפֿילן, אַזוי ווי אוי ←. „א־וו', מאַמעשי, כ'וועל דיר עפּעס זאָגן: אַ שיין ייִנגעלע האָב איך ליב“ פֿל. „א־וו', רבֿקהניו,
,
גיב זשע מיר דײַן פּיסקעניו“, פֿל. שפּאָט:
א־וו, — לאָקשן דריי.
אוי־וויי — דער, ־ען. סוב פֿון אויסרופֿוואָרט אוי־וויי ←. „רײַסט זיך אַרויס פֿון זײַן האַרץ אַן א־וו', און דער א־וו, דרינגט אַרײַן אין אונדזערע הערצער„. „מיר הערן א־וו'ען פֿון אַלע זײַטן“. “אויפֿנעמען פֿלעג איך דעם ווייטיקגעשריי. פֿון...קדושים דעם לעצטן אוי־וויי“,
..
אַל I, ייִדיש'.
אוי־וויי — מיט ז ײַ ן , ו ו ע ל ן , מאָדאַלע ווערבן. צזוו. אומפּ. ס'איז, ס'איז געווען, ס'וועט זײַן א־וו, = אַן אומגליק, צרה, ווייטיק אע.
← אוי־וויי, אויסרופֿוואָרט. אוי־וויי איז (צו) מיר

(דיר, אים, איר; אונדז, אײַך, זיי). „א־וו, מיר, ס'נעמט אַן עק, מײַן טײַער־לעבֿן פֿאָרט אַוועק“ פּל.

אויווייאיש — אַדי. נעאָל. וואָס האָט דאָס געפֿיל אָדער די סיטואַציע, וואָס דריקט זיך אויס מיט אוי־וויי. א'ע קרעכצענישן. אַן א'ער מצבֿ. „דער ווינט זינגט זײַן לידל א'“.

אויוון — דער, ־ס. פֿקפֿ: אויוונדל, אייוועלע. Mhd: Oven,.s□h□: A. 1וIג□e. ספּעציעלער מין געשטעל, געבײַ אין אַ הויז (שטובֿ), געמאַכט פֿון ליים, ציגל אָדער שטייגער, געניצט

אויוון

צו וואַרעמען דאָס הויז, צו באַקן, קאָכן, טריקענען. אײַנהייצן, אויסהייצן דעם א'; פֿאַרמאַכן פֿאַררוקן דעם א'. אַרײַנשטעלן אין א', —, אַרויסנעמען פֿון א'. זיך וואַרעמען בײַם א'. שלאָפֿן, ליגן, נעכטיקן אויפֿן א'. אַרײַנלייגן האָלץ אין א', אַרויסנעמען קוילן, אַש פֿון א'. שטעלן טשאָלנט אין א,. טיילן פֿון א':

אונטערן־אויוון, פּידפּיטשאָק, קאַטוך; אונטערבּוי; פּריפּעטשיק; אינעווייניקסטער א, מיטן
געוועלבּ, ,הימל,; אויפֿן אויוון, פּ(י)עקעליק; ווענט(לעך) פֿון א'; קוימען. ליימענער, ציגלנער, קאַכליאָווער (קאַפֿליאָווער) א'. אבּ, שמות דבריס, 1542: ,,אובֿן — תּנור,,. ,,איין שײַטל האָלץ מאַכט ניט וואַרעם דעם א',,, שוו. “ ענטליך בּעל־בּית...מיר איין קטן קעמירכין בּויאן לאזין וואור און איך קיין אובֿין אודיר שארין שטיין גיהאט האבּ“, גה, 319. ,,אַ נײַער א, אָדער נײַע טעפּ וואָס זענען נאָך ניט אויסגעזאָטן געוואָרן פֿאַר יום־טובֿ, טאָר מען דערינען ניט קאָכן אָדער בּאַקן אום יום־טובֿ,,, לט2' 1/74. ,,בּײַ דער זײַט שטייט אַ גרויסער א', אויף צו קאָכן און בּאַקן, און אונטער דעם פּריפּעטשיק איז דאָ אַן אָרט (אַ קאַטוך) פֿאַר עופֿות,,, ממוס, שלמה.

*כּשרן דעם א, = שטאַרק אויסבּרענען, דורכגליִען דעם א, אויף פּסח. *גויאישער א, = אויוון פֿון אַ קריסטלעכן בּעקער אָדער סתּם פֿון אַ ניט־ייִד. [ווינטער פֿלעגן שלאָפֿן אויפֿן א אַלטע לײַט, קראַנקע, קינדער, אַן אורח.] *ליגן אויפֿן א, = קיין זאַך ניט טאָן,

זײַן פֿויל. „גאָט שיקט ניט אַראָפּ פֿון אויבן אַז מע ליגט אויפֿן א"; „ווער עס ליגט אויפֿן א, קריגט ניט קײן בייגל" [= אַז מען אַרבעט ניט, האָט מען ניט וואָס (זאָל מען אים ניט געבן) צו עסן], שוו. הינטערן־א, = שמאָלער שטח צווישן וואַנט פֿון א, און וואַנט פֿון שטוב אָדער אָפּצוימונג פֿון קעמערל. „אָרעמע קרובֿים זעצט מען הינטערן א"', שוו. *ער (זי) איז ניט פֿון הינטערן(אונטערן־) א, = ניט קײן פֿאַרשטויסענער, אַזאַ וואָס קען אָפּענטפֿערן. *רעדן (אַרויסקומען) פֿון הינטערן א, = שטיל, תּמעוואַטע, שרעקעוודיק. *נײַ (פֿריש, נאָר וואָס) פֿון א, = נאָך וואַרעם (וועגן געבעקס, געקעכטס); אָקערשט פֿאַרענדיקט (וועגן אַרבעט). *שוין נישט פֿון איין א, ברויט געגעסן = אַ סך דורכגעמאַכט אין לעבן, אויסגעוועזן אין אַ צאָל ערטער. "זי איז שוין גאָר, גאָר אַן אַלטע ערלית געוועזן און נישט פֿון איין א, ברויט געגעסן", פּרץ, בילדער און סקיצן. *מע דאַרף דעם א, אײַנוואַרפֿן (צעוואַרפֿן, צעוואַלגערן) = אויסדרוק וועגן אַ גאַסט וואָס קומט זעלטן, אומגעריכט [צעוואַרפֿן דעם א, און אים איבערבויען איז געווען אַ זעלטענע

און וויכטיקע געשעעניש]. „אַ נס וואָס עס
איז ווינטער, אַניט וואָלט מען געדאַרפֿט
צעבּרעכן (אײַנוואַרפֿן) דעם א'“, אַ ביסל שפּאַסיק,
ווי פֿריִער. *קוש דעם א, (טענדלאו, 376)
[= קוש דעם בּער]. *פֿאַרלאָשענער א, =
מענטש אָן פֿײַער (אָן סעקסועלן בּאַגער).
„דער בּעל־הבּית האָט נאָך פֿײַער און די
בּעלהבּיתטע איז אַ פֿ, א'“, בּאַש, אַ שפּיל פֿאַרן

1▯8

טײַוול. *רייד (פּאָליטיק) פֿון הינטערן א, =
בּטלנישע.
פֿפֿ: אויסגעבּאַקן ווי אין א,; בּרענען (
גליִען, קאָכן זיך) ווי אין א', ווי אַן א'; גיסן ווי
אויף אַן א, [גיסן אַ סך ווי אויפֿן א, אין
בּאָד, עס זאָל ווערן מער פּאַרע; אויך:
אונטערהעצן]. דיק (בּרייט, גראָבּ, פֿעסט) ווי אַן
א', און פֿון דעם: אַ ייִד(ענע), אַ כּלה, אַ מחותּן
אאַ ווי אַן א', און פֿון דעם אויך: „אַ נאַר
— כאָטש דעם א, שפּאַר!“ וואַרעם (הייס) ווי
אויפֿן, ווי אין א'. אַ לעבּן ווי אונטערן (
הינטערן) א, = אין ענגשאַפֿט און אין ליבּשאַפֿט
(געזאָגט אָפֿט וועגן אַן אָרעם פּאָרפֿאָלק); אַ

לעבֿן ווי בײַ גאָט אונטערן (הינטערן) א, =
אָן זאָרג. צעלייגן זיך ווי אויפֿן א, =
ברייטלעך, מעשׂה בעל־הבית. ריין ווי אַן
אויסגעגליטער (געכּשרטער) א,.

2. (גרויסער) אויפֿגעשטעלטער,
אויפֿגעבויטער אַפּאַראַט צו גליִען, שמעלצן און טאָן
אַנדערע אַרבעטן, ווען מע נייטיקט זיך אין
שטאַרקער היץ. גיסא', שמעלצא', טיגלא,.
דאָמנע־א,, שמידא'. א, אין אַ הוטע, א, אין
באָד אאַ. 3. אַפּאַראַט צו קאָכן און באַקן;
פּליט(ע). אײַזערנער א,, ענגלישער א', גאַזא',
עלעקטרישער א'.

4. גרויסער אויוון־ענלעכער אַפּאַראַט וואָס
נאַציס האָבן אויפֿגעשטעלט אין די
אויסראָטלאַגערן צו פֿאַרברענען די פֿאַרגאַזטע (אויך
לעבעדיקע קראַנקע און שוואַכע). אַ קאַנדידאַט
פֿאַרן א'. זיך ראַטעווען פֿון א'.
אויוון — אַדוו. דזוו אויבן ←. (זייער
פֿאַרשפּרייט) פּר, גאַליציע, פּאָד, אוקר, בעס.
,,אום שבת טאָר מן נישט בהאַלטין אין בעט
גוואַנט אַפּילו וואַרמי מאכלים, רק אַז עש
זאָל פֿון אוֹבין אופּין זײַן, נישט אין גאַנצין
צו גדעקט“, שלחן ערוך, ח, ראשון [זשאָלקווע?
אָנהייב 19. יה7]. ,,ס'איז שוין ווייניק אַ ביסל

צום נייען געבליבן, מע דאַרף נאָר אַ צי טאָן פֿון א', בײַם האַלדז'', פּמ, בּרידער. ,,—ווי בּיסטע? — אויוון אָפֿן אויוון'', רייד, קאָלאָמיי.

אויוון־אײַן אויוון־אויס — אַדוו. פֿון איין אויוון אַרויס און אין אַנדערן אויוון אַרײַן. נעאָל לויט: וואַלד־אײַן וואַלד־אויס אאַ. ,,דער שם־המפֿורש פֿאָכט מיט זײַנע מידע פֿליגלען,/ דער שם־המפֿורש שלאָגט פֿון כּוחות זיך אַרויס,/ ער וואָגלט אום צווישן די מײַדאַנעקריגלען/ אַן אײַנגעשטויבּטער, א'־א, און א'־א'', הל, טרעבּלינקע.

אויוונאָן — דזוו אויבּנאָן ←. דיאַלעקטיש, ← אויוון, אַדוו.

אויוונבּלעך — די, ־ן. בּלעך צו פֿאַרשטעלן די עפֿענונג פֿון אויוון, ווען עפּעס בּאַקט זיך אינעווייניק.

אויוון־בּעזעם — דער, ־ס (־ער). פּאָמעלע; לאַנגער בּעזעם מיט צווײַגעלעך וואָס האָבּן אויף זיך נאָדלען אָדער בּלעטער אויסצוקערן די אינעווייניקסטע פֿלאַך, דעם בּאָדעם פֿון אויוון, ריין מאַכן פֿון קוילן און אַש.

אויוונבּראַנד — דער. מצ נבּ. 1. גרויסע היץ פֿון אויוון. אַזאַ א, אַז מע קען ניט שלאָפֿן. 2. גרויס פֿײַער אין אַ (קאַלכ)־

אויוון. „לאָמיר שווערן בײַ די מאַסן־קבֿרים

אויוון־שיסל

פֿון טרעבלינקע און מײַדאַנעק און בײַ די —
פֿון לובלינער א',„ ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו.
3. ד י , גרויסע בריה. „עס ברענט
אונטער אירע הענט, זי איז אַן א'!„..
אויוונברעטל — דאָס, ־עך. 1. ברעטל צו
פֿאַרשטעלן דעם אינעווייניקסטן אויוון. „וועסט
ניט פֿאַרשטעלן די וועלט מיט אַן א'“, שוו.
2. ברייטע לאָפּעטע צו זעצן געבעקס,
דערעיקר מצה. 3. מצה וואָס ווערט חמצדיק,
ווײַל נאָכן אויסוואַלגערן און רעדלען האָט דער
זעצער (שיבער) ניט באַוויזן גענוג גיך
אַרײַנצורוקן אין אויוון (לאָקל, לעמבערג). „דער
שיבער דער שלימזל האָט שוין ווידער אַן א,“.
אויוונגאָפּל — דער, ־ען. גרויסער
צווייצייניקער אָדער איינצאָניקער גאָפּל אַרײַנצורוקן
אָדער אַרויסצונעמען טעפּ פֿון אויוון.
אויוונדעקל — דאָס, ־עך. דעקל פֿון מעטאַל
אָדער האָלץ צו פֿאַרשטעלן דעם קוימען
נאָכדעם ווי דער אויוון איז שוין אויסגעהייצט.
אויוונהייצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט הייצן אויוונס.
דער שבת־גוי דער א, פֿאַר נויט איז גוט...

,, ·
אַן א', אַ רעדער־שמירער, אַ שוואַרציאָר,,,
שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע.
אויוונהייצערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג,
באַשעפֿטיקונג פֿון אויוונהייצער.
אויוונזעצער — דער, ־ס. 1. ווער עס
שטעלט (אויף) אַן אויוון, מאַכט אַן אויוון פֿון
ציגל (שטיינער). 2. טעפּער (ווער עס זעצט
יִן אויוון ליימענע טעפּ).
אויוונטיר(ל) — די (דאָס), ־ן (־עך).
1. אויוונבלעך וואָס פֿאַרמאַכט זיך און עפֿנט
זיך ווי אַ טיר. 2. זאַסלינקע; אויוונברעטל ב1.
אויוונמאַכער — דער, ־ס. ווג נב. ווער עס
פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿשטעלן אויוונס (
געווען אָנגענומען ווי אַ קאָמפּליצירטע מלאָכה,
ווי אַ הויכע מדרגה פֿון מוליערײַ).
אויוון־פֿאַררוקער — דער, ־ס. 1. מכשיר
צו פֿאַרהאַלטן היץ אין אויוון (הן אויוונבלעך
אע, הן זאַסלינקע אע). 2. ווער עס
פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאַררוקן אין אויוון (
געוויינטלעך ווען טשאָלנטן).
-

אויוונסוטער — דער. מצ נבֿ.
אינעווײניקסטע ציגל פֿון אַן אויוון. פֿוובֿ.
אויוונרער — די, ־ן. לר. חלל אין וואַנט פֿון
אויוון, פֿון אַלע זײַטן מיט ציגל אָדער
קאַכליעס און מיט אַ טירל וואָס פֿאַרמאַכט זיך
גוט, וואו מע שטעלט אַרײַן מאכלים אָדער
וואַסער (עס זאַל בלײַבן הייס). טרינקען
שבֿתדיקע טיי פֿון א'.
אויוונשטעלער — דער, ־ס. וונ נבֿ. דזוו
אויוונמאַכער ←.
אויוונשטעלערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג,
באַשעפֿטיקונג פֿון אויוונשטעלער.
אויוון־שיסל — די, ־ען. אַרכ, מיִ. Mhd: oven
schi▯▯▯el. לאָפּעטע אַרײַנצורוקן ('
אַרײַנצושיסן') אין אָדער אַרויסצונעמען פֿון אויוון
(געבעקס). מהרי״ל, מנהגים, ו/א: „מרדות של
חמץ שקורין אוב״ן שוש״יל„, [קאָס, ייִמ];
איסור והיתּר, (פּראָג, תּקמ״ד) שער נח, סימן
לד: „ומיהו כלי עץ שרודין בו את הפּת שקורין
בל״א או״בין שו„סיל„.

אפּיוטנע

אויוטנע — אַדי. רוסיצ. געמיטלעך, באַקוועם;

אָנגענעם; היימלעך. אַן א, דירה, אַטמאָספֿערע.
אַן א'ר ווינקל. „סײַ די אַרבעטער־הײַזלעך פֿון
דער א'ר קאָלאָניע, סײַ די בערג־רוקנס...
האָבן אויף דער זון זיך געשמאָלצן“, איבז
גאָדינער, צעמענט.
אויטאָ — די & דער, ־ס. אויך: אויטע פֿטמ.
,
קירצונג פֿון אויטאָמאָביל. פֿאָרן מיט אַן א'.
פֿליִען אויטאָס אום, ציטערט אויף די ערד,
”
בענקען מיר אויך דאָ נאָך דעם ווײַסן פֿערד„, אַר.
אויטאָ־ — < גר. פּרעפֿיקס פֿאַר סובסטאַנטיוון,
אַדיעקטיוון אָדער ווערבן. באַטײַט: אַליין, גופֿא,
זיך אַליין, פֿון זיך אַליין.
ווען מע באַגעגנט ניט אַ וואָרט
מיט אויטאָ־, זוכן לויט דעם צווייטן
טייל פֿון וואָרט, למשל
אויטאָ
טראַנספֿאָרמאַציע ←
טראַנספֿאָרמאַציע.
אויטאָ־אינאָקולאַציע — די, ־ס. < איי
< גר. פּאַטאָלאָגישער צושטאַנד ווען
מיקראָבן טראָגן זיך אַריבער פֿון איין טייל
קערפּער אויף אַ צווייטן; דאָס אויסשפּרייטן זיך

פֿון אַ קראַנקייט פֿון איין קערפּער־טייל אויף
אַ צווייטן.
אויטאָ־אינפֿעקציע — די, ־ס. < איי < גר.
פּאַטאָלאָגישער צושטאַנד ווען דער קערפּער
ווערט קרענקלעך אָנגעשטעקט פֿון
סובסטאַנצן וואָס שאַפֿן זיך אין אים גופֿא.
אויטאָ־אינטאָקסיקאַציע, אויטאָ־
אינטאָקסעמיע — די, ־ס. פּראָצעס פֿון
אַליין־פֿאַרגיפֿטונג דורך אויטאָטאָקסין.
אויטאָבוס — דער, ־ן. (צב פֿון אויטאָמאָביל
& אָמניבוס). גרויסער אויטאָמאָביל מיט אַ
באַשטימטער צאָל זיץ־ און שטיי־פּלעצער וואָס
דינט פֿאַר שטאָטישער קאָמוניקאַציע און ווי
אַ פֿאַרקער־מיטל פֿאַר ווײַטע שטרעקעס. „דער
א, האָט אַרויסגעשטויסן דעם טראַמוויי און
קאָנקורירט מיט דער באַן“.
אויטאָב□אָגראַף — דער, ־ן. ווּ ־ין, ־ס.
ווער עס שרײַבט זײַן אייגענע ביִאָגראַפֿיע.

□

אויטאָב□אָגראַסיע — די, ־ס. < איי < גר.
באַשרײַבונג פֿונעם אייגענעם לעבן.

-

אויטאָבּ□אָגראַסיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַן אויטאָבּיִאָגראַפֿיע, וואָס איז אין זשאַנער פֿון אַן אויטאָבּיִאָגראַפֿיע.

אויטאָגאַמיע — די. מצ נבּ. < איי < גר.

1. (פֿיזיאָלאָגיע) אַליין־בּאַפֿרוכפּערונג. צוזײפֿפּאָרונג פֿון צוויי קרובֿישע קעמערלעך אין אָרגאַניזם וואָס פֿירט צום אויפֿקום פֿון אַ דריט קעמערל. 2. (בּאָטאַניק) אַליין־בּאַשטויבּונג. בּליאונג וואָס ווערט פֿרוכטיק בּאַשטויבּט פֿונעם אייגענעם שטאַם.

אויטאָ־געלאַף; — דער, ־ן פֿאַרמעסט פֿון

.

אויטאָמאָבּילן אין געשווינדקייט פֿון פֿאָרן.

אויטאָגעניש — אַדי. (מעכאַניק) וואָס פֿאַרבּינדט זיך דורך צושמעלצונג. א'ע פֿאַרשמעלצונג — ווען צוויי טיילן פֿון דעם זעלבּיקן מעטאַל ווערן פֿאַרלייטעוועט דורך צוזײפֿגליִען. „דאָס א'ע שווייסן האָט געמאַכט אַז די קונסט פֿון לייטן בּלײַ זאָל ווערן אויס יחסן“, יוהאַנ.

אויטאָגענעזע(־זיס) — די (דער). מצ נבֿ.
< איי < גר, ל. דאָס וואָס קומט אויף ספּאָנטאַן אין דער נאַטור, וואָס פּראָדוצירט זיך פֿון זיך גופֿא. [ס'איז בלויז אַ טעאָרעטישער באַגריף].

אויטאָגענעטיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו אויטאָגענעזע, וואָס שטאַמט פֿונעם אייגענעם קערפּער.

אויטאָגראַף — דער, ־ן. < איי < גר.
אייגנהאַנטיקע אונטערשריפֿט (געוויינטלעך פֿון אַ באַרימטער פּערזענלעכקייט) בײַם געבן אַ מתּנה אָדער עפּעס צום אָנדענק. אַ בוך מיטן א, פֿון מחבר.

אויטאָגראַסיע — די, ־ס. פּראָצעס פֿון אַריבערטראָגן, אָפּקאָפּירן אַ שריפֿט אָדער צייכענונג אויף פּאַפּיר, שטיין, מעטאַל כדי

אַרויסבאַקומען אַ צאָל קאָפּיעס ־פּיש —
.
אַדי. וואָ ט אַ שײַכות צו א'.

ם ה

אויטאָ־דאַ־סע — דער, ־ס. >
פּאַרטוגעזיששפּא. אַקט פֿון גלויבן'. נאָמען וואָס די אינ,

קווין יציע האָט געגעבן דער פּאָמפּעזער קירכלעכער צערעמאָניע בײַם פּראָקלאַמירן דעם פּסק־דין פֿונעם ,הייליקן טריבונאַל, (קלויסטערגעריכט) און בײַ דער עקזעקוציע פֿונעם פֿאַרמשפּטן אויפֿן שײַטערהויפֿן. א'־ד'־פֿ, האָט אײַנגעפֿירט דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ (1481). חוץ אין שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און אין זייערע דרום אַמעריקאַנער

קאָלאָניעס, זײַנען אַקטן פֿון א'־ד'־פֿ, פֿאָרגעקומען אויך אין פֿראַנקרײַך און איטאַליע. [אײַנגעפֿירט לכתּחילה (ווי די אינקוויזיציע בכלל) לגבי אָפּטריניקע פֿון דער קירך, זײַנען מיט דער צײַט דער גרעסטער רובֿ קרבנות געווען אַנוסים און ייִדן וואָס האָבן זיי געהאָלפֿן. א,־ד'־פֿ'ס זײַנען טיילמאָל דורכגעפֿירט געוואָרן אויך אויף ייִדישע ספֿרים, באַזונדערש דעם תּלמוד. איז ענדגילטיק אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אין שפּאַניע ערשט 1834.]

אויטאָדידאַ'קט — דער (געניצט אויך ווי ווב),
־ן. < איי < גר. 'אַליין־לערנער'; ווער עס האָט
זיך געלערנט, באַקומען קענטענישן אָן דער
הילף פֿון לערערס. אַדי: ־יש.

אויטאָדינאַמיש — אַדי. אַליין־ווירקעוודיק
אָן דרויסנדיקע סטימולן.

אויטאָהאַר□ — די, ־ן. מוזיקאַלישער
אינסטרומענט ענלעך צו אַ האַרף.

אויטאָהיפּנאָ'ז — דער, ־ן. אַליין־היפּנאָ□;
דאָס ווירקן דורך היפּנאָז אויף זיך אַליין; דאָס
זיך אַליין פֿאַרהיפּנאָטיזירן. ־נאָטיש —
אַדי. וואָס קומט דורך (מיט) אָדער האָט אַ
שײַכות צו אויטאָהיפּנאָז.

אויטאָ־זשירע(־ראָ) — די, ־ס. 1. זשירע,
גאַראַנטיע וואָס מע גיט אויף אַן אייגענעם
וועקסל (צוזאַמען מיט אַ צווייטן זשיראַנט).
2. דזוו העליקאָפּטער, פֿר.

אויטאָטאָמיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
אַליין־דיסעקציע', דאָס אַליין אָפּרײַסן פֿון זיך
,
אַן אבֿר; דאָס מאַכן זיך ספּאָנטאַן פֿאַר אַ
בעל־מום (בײַ אַ טייל) בעלי־חיים כּדי צו
ראַטעווען זיך פֿון אַ סכּנה.

אויטאָטאָקסי'ן — דער, ־ען. < איי < גר.

אַליין־גיפֿט'. גיפֿטיקע סובסטאַנץ וואָס שאַפֿט
,
זיך אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

אויטאָמאַט

אויטאָטי'פּ — דער, ־ן. < איי < גר. 1
פֿאַק.
סימילע. 2. רעפּראָדוקציע געמאַכט דורך
אויטאָטיפּיע.
אויטאָטיפּיע — די, ־ס. אַליין־דרוק,
פֿאָטאָ, .
מעכאַנישער פּראָצעס פֿון רעפּראָדוקציע.
־פּיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו
אויטאָטיפֿיע.
אויטאָטראָפּיזם — דער. מצ נבֿ. < איי < גר.
'אייגן־ריכטונג'. אייגנשאַפֿט פֿון געוויקס אָדער
טיילן פֿון געוויקס צו וואַקסן אין אַ
באַשטימטער ריכטונג, דאָס שטענגל — אויף
אַרויף, די וואָרצלען — אויף אַראָפּ.

אויטאָטראָסיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
אַליין־דערנערונג פֿענאָמען בײַ געוויקסן וואָס
.

פֿאַרמאָגן כלאָראָפֿיל, זײַנען פֿעאיק אויף
פֿאָ
טאָסינטעז. אַדי. ־פֿיש.
.
אויטאָכטאָ'ן — אַדי (אָפּט סובֿ). < איי < גר.
וואָס איז אין לאַנד גופֿא אײַנגעבֿירן. אַן א,
פֿאָלק. א'ע געוויקסן — וואָס שטאַמען פֿון
זעלבֿיקן באָדן וואו זיי געפֿינען זיך. „...
צווישן די א'ע פֿאַמיליעס וואוהין די יונגעלײַט
פֿלעגן אַמאָל אַרײַנגיין פֿאַרבֿרענגען„, מ.
אלטמאַן.
אויטאָלי'ז — דער, ־ן. < איי < ל.
אַליין,
אויפֿלייזונג, (בּיִאָכעמישער פּראָצעס אין
קעמערלעך פֿון בֿעלי־חיים און געוויקסן, ספּעצ נאָך
דעם ווי זיי ווערן אָפּגעטיילט פֿון זייער
שטאַמאָרגאַניזם, ווי פֿלייש נאָך דער שחיטה,
פֿרוכטן אַראָפּגענומענע פֿון בוים). אַדי —
־ליטיש.
אויטאָליזי'ן — דער. מצ נבֿ. כעמישער
פּראָצעס וואָס איז גורם אויטאָליז.
אויטאָמאָ'בֿ — דער, ־ן. דזוו אויטאָמאָבֿיל.
„דראָשקעס אײַלן, אויטאָמאָבֿן, אינדערמיט די
רויטע קאָטש“, סעג.

אויטאָמאָבי'ל — דער, ־ן. < איי < גר־ל.
וואָגן וואָס זײַן באַוועג־קראַפֿט קומט פֿון זײַן
אייגענעם מאָטאָר. פאַנצער־א, —
געשלאָסענער, מעטאַל־געדעקטער א', געניצט פֿאַר
טראַנספּאָרט פֿון געלט, ווערטפֿולע חפֿצים
אָדער אין מלחמה. אַדי. ־ליש.

.

אויטאָמאָביליסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פֿירט אַן אויטאָמאָביל.

אויטאָמאָבילערײַ — די, דאָס. מצ נב. די
אַרבעט בײַם פֿאַך פֿון מאַכן אָדער פֿאַרריכטן
אויטאָמאָבילן. „לערנען זיי שלאָסערײַ,
מאַשינאַרבעט, א'„, ד. פּינסקי, טמז, 1957 IX 21.

אויטאָמאַ'ט — דער, ־ן. < איי < גר.
1. מעכאַנישער אַפּאַראַט וואָס פֿירט דורך (אַ)
באַשטימטע אַרבעט(ן) אָן דער הילף פֿון
מענטשלעכן אַרײַנמיש; מעכאַניזם וואָס לויט
זײַן געבוי קען ער מאַכן אַ צאָל באַוועגונגען
(אַזוי ווי אַליין), ספּעצ אימיטירן אַ
באַשטימטן סכום באַוועגונגען פֿון אַ לעבעדיק
באַשעפֿעניש. 2. ספּעציעלער סאָרט
רעסטאָראַן (אַמ סטיל) וואו דאָס אַליין באַדינען
זיך קומט פֿאָר מיט דער הילף פֿון אַ
מעכאַניזם, געלאָזט אין באַוועגונג דורך

אַרײַנוואַרפֿן מטבעות, קליינגעלט. 3. געווער וואָס
שיסט מיט פֿאַרשטאַרקטער געשווינדקייט, אָן
איבעריקער אָנשטרענגונג. אַ רעוואָלווער אַן א',
אַ מאַשינביקס אַן א, אאַ. 4. מענטש וואָס

אויטאָמאַטיוו

איז ניט קאַפּאַ(בּ)ל צו טראַכטן זעלבּשטענדיק
אָדער טוט עפּעס אומבאַטראַכט, מעכאַניש.
אויטאָמאַטיוו — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו אַן אַקציע פֿון אויטאָמאַט.
אויטאָמאַטיזם — דער, ־ען. 1. צושטאַנד
אָדער אייגנשאַפֿט פֿון עפּעס וואָס איז
אויטאָמאַטיש, מעכאַניש. 2. אַקט וואָס האָט ניט
קיין אָנזעעוודיקע סיבּה. דזוו רעפֿלעקס.
3. געפֿיל, געדאַנק, שפּירונג וואָס בּליצט אויף
ספּאָנטאַן אָן אַ בּאַשײַמפּערלעכן דרויסנדיקן
גורם. 4. טעאָריע אַז חוץ דעם מענטשן
האַנדלען אַלע בּעלי־חיים בּלויז ווי אויטאָמאַטן.
אויטאָמאַטיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו (איז ווי) אַן אויטאָמאַט, אויטאָמאַטיזם. דער
אַרטיסט האָט זײַן ראָלע געשפּילט א'. א'ע
טעלעפֿאָן־סיסטעם.
אויטאָמאַציע — די. מצ נבֿ. סיסטעם אין

דער גרויס־אינדוסטריע, גרויסע
אונטערנעמונגען, באַנקען אדגל וואָס דערמעגלעכט
רעדוצירן צום מינימום מענטשלעכע אַרבעטקראַפֿט
אַדאַנק קאָמפּליצירטע(ר) עלעקטראָנישע(ר)
אייבער־מאַשין(ען) וואָס רעגולירט
אויטאָמאַטיש די אַרבעט פֿון אַנדערע מאַשינען,
רעכנאַפּאַראַטן אדגל. ווערט באַטראַכט ווי די
גרעסטע אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין מיטן 20.
י□.
אויטאָנאָ'ם — אַדי. 1. וואָס פֿירט זיך, ווערט
פֿאַרוואַלט, רעגירט, לויט אַליין־באַשטימטע
געזעצן (רעגולאַציעס). אַן א'ע געגנט, פּראָווינץ,
גרופּע, אינסטיטוציע. 2. וואָס איז ניט
אונטערגעוואָרפֿן, וואָס האָט אַ זעלבשטענדיקן שטח
פֿון טעטיקייט (אָן פֿולן קאָנטראָל מצד אַ
העכערער אינסטאַנץ). אַן א'ע אַדמיניסטראַציע,
אינסטיטוציע, געזעלשאַפֿט. א'ע קהילה.
3. אומאָפּהענגיק פֿון אַן אַנדער זאַך (טייל).
„יעדערער פֿון די פֿיר טיילן זאָל ניט ווערן
צו א', צו זעלבשטענדיק“, שנ, דערציילערס
און ראָמאַניסטן.

— ן רעאַליזירן די פּרינציפּן פֿון
נאַציאָנאַלאויטאָנאָמיזירונג — די, ־ען. פּראָצעס

פֿו
קולטורעלער אויטאָנאָמיע (געניצט אין
אומאָפּהענגיקער ליטע אין פּעריאָד צווישן ביידע
וועלט־מלחמות).
אדיטאָנ — אַן אויטאָנאָמיע. 2. שיטה,
אמיזם — דער, ־עָן. 1. סכום רעכט
אין די ראַמען פֿון —
באַוועגונג צו קריגן און דורכצופֿירן אין לעבן
וואָסער ניט איז מין אויטאָנאָמיע. 3. אין
ייִדישן לעבן: טעאָריע, באַוועגונג און קאַמף
פֿאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין
פֿאָרעם פֿון אַ פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע אָדער
אין פֿאָרעם פֿון אַ קהילה־אויטאָנאָמיע. די
בולטסטע שיטה פֿון א, האָט פֿאַרלאַנגט
אויטאָנאָמע רעכט הן פֿאַרן קולטורעלן, הן פֿאַר
אַ געוויסן שטח פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן.
טעאָרעטיקער פֿון א, שמעון דובנאָוו (1860—
1941) האָט אַנטוויקלט די אידייען פֿון א, אין
„בריוו וועגן אַלטן און נײַעם ייִדנטום“ און
אין אופֿן פֿירברענגען די געשיכטע פֿון
ייִדישער אויטאָנאָמיע אין פֿאַרשיידענע
גלותקיבוצים. פּראָגראַם פֿון א, בײַ כמעט אַלע
ייִדישע פּאַרטייען און ריכטונגען, די
ברייטסטע בײַ דער פֿאָלקספּאַרטיי (דובנאָווס און

דערנאָך דער פּאַרטיי פֿון פֿאָלקיסטן) און בײַ

די סיימיסטן (פֿאָרמולירט פֿון דר, ה.
זשיטלאָווסקין אאַ).
אויטאָנאָמיסטיש — אַדי־ וואָס איז
פֿאַרבונדן מיט (כאַראַקטעריסטיש פֿאַר)
מיינונגען פֿון אויטאָנאָמיסטן. „אין קאַמף מיט די
סיימיסטן זײַנען די אַנדערע ייִדישע
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געוואָרן אַלץ מער א“,
ימ.
אויטאָנאָמיע — די, ־ס. < איי < גר. '
אייגנגעזעצלעכקייט', אַליין־באַשטימונג, אַליין־
פֿאַרוואַלטונג. 1 פֿאַ'־פֿיקסירטע רעכט פֿון אַ
.
געגנט, פּראָווינץ, שטאָט צו האָבן אייגענע
געזעצגעבנדיקע אָרגאַנען אָן דער אַרײַנמישונג
פֿון דער צענטראַלער מאַכט. „דער ווערסאַלער
טראַקטאַט (1919) האָט דער שטאָט דאַנציק
צוגעטיילט א, און זי געמאַכט פֿאַר אַ
פֿרײַשטאָט“. 2. רעכט פֿון אַן אינסטיטוציע,
קערפּערשאַפֿט אַליין צו באַשטימען אירע
אינעווייניקסטע פֿירדנגען. א, פֿון אַן
אוניווערסיטעט. 3. אין ייִדישער געשיכטע: רעכט פֿון
ייִדן אין אַ שטאָט, לאַנד, קיבוץ אַליין

אָנצופֿירן — אין געזעצלעך אָדער אַדמיניסטראַטיוו באַשטימטע גרענעצן — זייער אינעווייניקסט לעבן און פֿאַרוואַלטן דורך אייגענער פֿאָרשטייערשאַפֿט זייערע ענינים, הן קולטורעל־רעליגיעזע, הן לעבן־שטייגערישע, הן צום טייל סאָציאַל־עקאָנאָמישע. קהל און וועד הארצות זײַנען געווען טראַדיציאָנעלע אינסטיטוציעס פֿון ייִדישער א'.

4. (פֿילאָסאָפֿיע) אייגענע, זעלבשטענדיקע געזעצגעבונג פֿון מענטשלעכן שׂכל. „קאַנט האָט די א, פֿון שׂכלדיקן ווילן געמאַכט צום יסוד פֿון זײַן עטיק“, א. שטיינבערג, אַלענ I.

טעריטאָריעלע א, — א, פֿאַר אַ באַשטימטן טייל פֿון לאַנד, געגנט, פּראָווינץ. למשל, פֿינלאַנד אין צאַרישן רוסלאַנד, טשעכיע אין עסטרײַך־אונגאַרן, בירעבידזשאַן און אַנדערע נאַציאָנאַלע טער ון ס א ל -

י ארי ס ווע ,

ט

פֿאַרבאַנד. נאַציאָנאַ - טור

— רעכט פֿון אַ מינאָריטעט אין אַ לאַנד צו האָבן אירע אייגענע קולטור־אינסטיטוציעס אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה מיט ספּעציעלע רעכט פֿאַר אייגענע שולן, רעכט פֿון

מיעוטשפּראַך אע. צווישן ביידע וועלט־מלחמות
זײַנען געווען ברייטערע אָדער שמעלערע
פֿאָרמען פֿון א, (ייִדישער) אין די זעלבשטענדיק
גערוואָרענע מלוכות [מיט דערעיקר
רעליגיעזער קהילה אין פּוילן, נאַציאָנאַל־קולטורעלן
▯
כאַראַקטער אין לעטלאַנד, ברייטערע פֿאָרמען
אין ליטע און עסטלאַנד. קורצע תּקופֿה פֿון
א, אין אוקראַאינע אין 1917.]
עקסטעריטאָריעלע א, — רעכט וואָס אַ רעגירונג
רעזערווירט פֿאַר איר פּאַרטרעטערשאַפֿט (
אַמבאַסאַדע) אין אויסלאַנד ניט צו זײַן
אונטערגעוואָרפֿן ד
לע א, — א, אויפֿן סמך פֿון
י געזעצן פֿון דעם פֿרעמדן לאַנד.
פּערסאָנאַ
פּערזענלעכער צוגעהעריקייט צו אַ נאַציאָנאַלן
מיעוט, אומאָפּהענגיק פֿון וואוינאָרט אין דער
מדינה. ייִדן האָבן געפֿאָדערט פּ, א, אין די
ראַמען פֿון יעדער מדינה באַזונדער.
אויטאָסוגעסטיע — די, ־ס. > איי > ל.
1. דאָס ספּאָנטאַנע אַרויפֿקומען פֿון אידיי(ען)
אויפֿן זינען ווי אַ מין שעפֿן פֿון זיך גופֿא.

2. דאָס משפּיע זײַן אויף זיך גופֿא, להיפּך
צו השפּעה פֿון דער פֿרעמד, מן הצד. 3. דאָס
אײַנרעדן זיך וואָס ווירקט אויפֿן געמיט (צום
גוטן אָדער צום שלעכטן). אַדי — ־טיוו.
אויטאָסטאָ'פּ — דער, ־ן. 1. דאָס (בעטן)
אָפּשטעלן אַן אויטאָ כּדי מיטצופֿאָרן. 2. דער
וואָס פֿאָרט דורך א'. אַ טרעמפּ, אַן א', אַ
היטשהײַקער. „מײַן זון און שנור פֿאָרן אָפֿט
פֿון האָלאַנד, וואו זיי שטודירן, קיין פֿראַנקרײַך
און אַנדערע לענדער, — אַלץ דורך טרעמפּ,
א,“, היימיש, מײַ־יוני 19□0.
אויטאָסטראַדע — די, ־ס. < דײַטש.
ברייטער געפֿלאַסטערטער וועג פֿאַר
אויטאָמאָבילפֿאַרקער. „די שכנותדיקע יונגע א, וועט מיט
חוזק דעם [אַלטן שליאַך] אַריבעריאָגן“, י.
יאָנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.
אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע, ־ציפּאַציע —
די. מצ נב. < איי < ל. 'אַליין־באַפֿרײַאונג,
(פֿון מינעררעכטיקייט פֿון שפֿלות). פּאָפּולער
,
ווי דער נאָמען פֿון יהודה־לייב פּינסקערס
שריפֿט (דײַטש), אַנאָנים, בערלין 1882, וואו

דער מחבר פֿרעגט אָפּ עמאַנסיפּאַציע דורך
גלײַכבאַרעכטיקונג ווי דעם ענטפֿער אויף דער
'ייִדישער פֿראַגע, און הייבט אַרויס די
אידיי(ע) פֿון ייִדישער אַליין־באַפֿרײַאונג דורך
אַן אייגענער טעריטאָריע.

אויטאָפּאָרטרע'ט — דער, ־ן. פּאָרטרעט
וואָס דער מאָלער מאַכט פֿון זיך גופֿא.

אויטאָפּלאַסטיע — די, ־ס. < איי < גר.
(כירורגיע) דאָס פֿאַרנייען (פֿאַרריכטן) אַ וואונד
מיט געוועבן, גענומען פֿון פּאַציענטס קערפּער.

אויטאָפּסיע — די, ־ס. < איי < גר.
אַמטלעכער אַקט פֿון פּאַלמעסן אַ מת כּדי
פֿעסטשטעלן די סיבּות פֿון טויט.

אויטאָסאָבּיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
1. אַליין־מורא', מורא פֿאַר זיך גופֿא.
פּאַטאָ,
לאָגישער צושטאַנד פֿון מורא האָבן צו בלײַבן
אַליין. 2. שנאה צו זיך גופֿא.

אויטאָפֿי'ט — דער, ־ן. < איי < גר. יעדער
מין געוויקס וואָס גיט פֿון זיך אַרויס זײַנע
אייגענע נערונג־שטאָפֿן.

אויטאָפֿיליע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
ליבשאַפֿט צו זיך גופֿא; פּאַטאָלאָגישער

צושטאַנד פֿון איבערגעטריבענעם עגאָאיזם.

אויטאָ־קאַטאַליסט — דער, ־ן. > איי > גר. (כעמיע) פּראָדוקט וואָס באַקומט זיך בײַ אַ כעמישער רעאַקציע און וואָס פֿאַרגיכערט דעם פּראָצעס פֿון דער זעלביקער רעאַקציע.

אויטאָ־קאַטאַרס(יס) — דער, ־ן. > איי > גר. 'אַליין־ריייניקונג'. (פּסיכיאַטריע) מעדיצינישע טעכניק צו דערמוטיקן דעם פּאַציענט צו באַשרייַבן (אָדער אילוסטרירן) דאָס וואָס עס דריקט אים.

אויטאָקינעטיש — אַדי. 'אַליין־באַוועגעוודיק'. וואָס האָט די קראַפֿט (איז ביכולת) זיך ווילן צו באַוועגן.

אויטאָקלאַ'וו — דער, ־ן. > איי > גר. אַליין־שליסל'. געפֿעס פֿון מאַסיוון מעטאַל,

,

פֿעסט צוגעמאַכט (צוגעשלאָסן); געניצט צום סטעריליזירן, קאָכן; האַלט אויף וואַסער פֿון איבער 1000 אין פֿליסיקן צושטאַנד.

אויטאָקסידאַציע

אויטאָקסידאַציע — די, ־ס. > איי > פֿר.

(כעמיע) דאָס פֿאַרבינדן זיך פֿון אַן עלעמענט
מיט זויערשטאָף בײַ נאָרמאַלער
טעמפּעראַטור.
אויטאָקראַ'ט — דער, ־ן. ווּנ — ווי מענלעך,
־קע, ־ס. < איי < גר. 1. אַליין־הערשער.
(אַבסאָלוטער מאָנאַרך, צאַר, אימפּעראַטאָר).
2. ווער עס פֿירט אַ גרופּע אָדער געזעלשאַפֿט
אינגאַנצן על דעת עצמו.
אויטאָקראַטיע — די, ־ס. 1.
מלוכהפֿאָרעם וואָס דערמעגלעכט דעם ראָש פֿון דער
רעגירונג צו פֿירן דאָס לאַנד על־פּי אייגענעם
ווילן און אײַנזען. 2. רעגירונג אָדער לאַנד
מיט אַזאַ רעזשים. אַדי. ־טיש.

.

אויטאָר — דער, ־ן. ווּנ — ווי מענלעך, ־ין,
־שע, ־ס. < איי < ל. אויך: אַווטאָר.
1. מחבר, שרײַבער אָדער צונויפֿשטעלער פֿון אַ
קינסטלעריש אָדער וויסנשאַפֿטלעך ווערק. א,
פֿון אַ ראָמאַן פֿון אַ שטודיע, אַן אַנטאָלאָגיע.

,

2. שאַפֿער, אויפֿטוער; איניציאַטאָר. א, פֿון
אַן אידיי(ע), פּלאַן.
אויטאָריזאַציע — די, ־ס. < איי < ל.
1. אַקט פֿון געבן אַ צווייטן פֿולמאַכט

דורכצופֿירן אַ שליחות, ענין; כוח־הרשאָה.
2. שריפֿט וואָס באַרעכטיקט צו אַזאַ שליחות;
כּתבֿ הרשאָה. ,,מיט מײַנה פֿעדר דיא א'ציא
געבּן,,, מאַרשן, לשון זהבֿ, תּצ"ד. 3.
ספּעציעלע אַמטלעכע דערלויבּעניש. ,,...אין
טשערנאָוויץ ווערן 6'000 ייִדן באַפֿרײַט פֿון
דעפּאָרטאַציע און באַקומען ספּעציעלע א'ס", דר,
יעקבֿ אונגער.
אויטאָריזירונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויטאָריזירן. 2. דזוו
אויטאָריזאַציע.
אויטאָריזירן — טרוו. ־זיר, אויטאָריזירט.
1. געבּן אַ צווייטן פֿולמאַכט עפּעס צו טאָן,
דורכצופֿירן. א, דעם שותּף צו פֿאַרקויפֿן.
2. אָפֿיציעל געבּן אַ דערלויבּעניש. ,,די
אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אויטאָריזירט מדינת
ישׂראל צו פֿאַרקויפֿן אירע מדינה אָבּליגאַציעס
-

-

אין אַמעריקע".
אויטאָריטאַטי'וו, ־ריטאַ'ר — אַדי.

1. וואָס איז מיט אָדער האָט אַ שײַכות צו
(דעם כאַראַקטער פֿון) אויטאָריטעט. 2. וואָס
דרינגט אַרויס פֿון מאַכט, דעה פֿון אַ יחיד,
גרופּע, אָרגאַניזאַציע. 3. הערשעריש.
אויטאָריטאַרער רעזשים — דער, ־ען.
רעגירונג־סיסטעם מיט שטאַרקער
אויספֿירמאַכט אָן קאָנטראָל מצד אַ
דעמאָקראַטישגעקליבענער פֿאָלקס־פֿאָרשטייערשאַפֿט
און מיט
שטאַרק־באַגרענעצטע רעכט פֿאַרן יחיד.
אויטאָריטעט — די, ־ן. < איי < פֿר.
1. אָנזען, חשיבֿות, אייבערקייט (על־פּי
אָנגענומענער טראַדיציע אָדער
אויסערגעוויינטלעכע פֿאַרדינסטן, אויפֿטוען). „בידי
עלטרין
איר אוטירעטעט גימאכט דאָז מאַן בני חורגי
מהור״ר שמואל סג״ל האָט פֿאַר איין אבֿ״ד
[אָבֿ בית־דין] אויף גינומין תּוך עלזיש„, גה,
313. „צווישן די קלאַסיקערס פֿון דער ייִדישער
ליטעראַטור איז פּרץ בעיקר געווען אַ
שרײַבער מיט א'". אַדי: ־יש.
אויטאָריטעט — דער, ־ן. 1. ווער עס האָט
דעה, השפּעה, דער וואָס מע רעכנט זיך מיט

זײַן מיינונג. חשובֿער מענטש. פּרץ איז אַן
א,. 2. מומחה, בר־סמכא אויף אַ באַשטימטן
גענביט. א, אין קונסט פֿון רענעסאַנס, א, אין
ליטעראַטור־קריטיק.
אויטאָריטעטישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויטאָריטעטיש. ,,אין וואָס
זשע שטעקט די אויסטערלישע א, פֿון דער
באַראָטונג“, ימ, ייִשפּ No XIX 3.
אויטאַרכיע — די, ־ס. < איי < גר. רעגירונג
(אָנפֿירונג) געשאַפֿן פֿון די בירגער (
מיטבאַטייליקטע) גופֿא.
אויטאַרקיע — די, ־ס. < איי < גר. ,
אַלייןאויסקומעניש'. 1. אומאָפּהענגיקייט פֿון
אַנדערע דורך באַגרענעצן אייגענע באַדערפֿענישן.
2. אומאָפּהענגיקייט פֿון אַ לאַנד, געגנט, דורך
פֿאַרזאָרגן אַלע עקאָנאָמישע באַדערפֿענישן
מיט אייגענער פּראָדוקציע.
אויטאָר־רעכט — דאָס, מצ די. רעכט פֿון
מחבר, אויטאָר אויף זײַן ווערק (צו קריגן
שׂכר פֿאַרווערן צו ניצן אע).

— ,

אויטאָרשאַסט — די, ־ן. אַרבעט, פֿונקציע,

אויפֿטו פֿון אויטאָר, מחבר.

אויטיזם — דער. מצ נבֿ. איבערגעטריבענע אינזיכיקייט; קרענקלעכער צושטאַנד פֿון וועלן זײַן גאַנץ אָפּגעזונדערט, אַליין מיט די אייגענע מחשבֿות. אויטיסט — דער, ־ן. אַדי: ־יש. "...אַ פֿאַראיין פֿון עגאָאיסטן, מאָניסטן, אַקטיוויסטן, אויטיסטן„, אַבֿא גאָרדין, דאָס פֿרײַע וואָרט, ב״א, סעפּט, 19[illegible]9.

אויטיק — די. נעאָל. סיסטעם פֿון טראַנספֿאָרמירן זיך אַליין, דערהייבן זיך עטיש און סאָציאַל אין אַן אַבסאָלוט־פֿרײַער געזעלשאַפֿט, לויט דער שיטה פֿון אַבֿא גאָרדין. „דעם פּלאָץ פֿון פּרימיטיווער סאָציאָ־טעכניק...וועט פֿאַרנעמען אַ', אויטאָ־טראַנספֿאָרמאַטיק“, אַבֿא גאָרדין, דאָס פֿרײַע וואָרט, ב״א, סעפּט, 1959.

אויטע — די, ־ס. (געוויינטלעך אין מצ). לר. autas: [illegible] ־ < ־ אָנוטשע(ס), טיכל אַרומצוּוויקלען פֿיס (אַנשטאָט אַ זאָק). אַ פּויער אין אויטעס און אין קלומפּעס.

אויטענטיזירן — טרוו. ־זיר, אויטענטיזירט. > פֿר > ל. באַשטעטיקן, אַטעסטירן די עכטקייט פֿון עפּעס, אַ דאָקומענט, אַ געשעעניש. חנוך לנער, פֿיורדא תקל״ד, פֿאַרטײַטשט: „אַ — גוויס הפֿטיג מכן דאָרך הנד אונ, זאָג„.

אויך: אויטענטי(פֿי)צירן.

אויטענטי(פֿי)קאַציע — די, ־ס. 1. אָקט
פֿון אויטענטי(פֿי)צירן. 2. שריפֿטלעכע
באַשטעטיקונג.

אויטענטיש — אַדי. 1. עכט, פֿאַרלאָזלעך,
אין הסכם מיט די פֿאַקטן. 2. אָריגינעל,
ניטגעפֿעלשט, ניט־געביטן. „באַלד דערנאָך איז
געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט אַן א'ער בריוו פֿון
באַראָן הירש„, פּרץ.

אויטענטישקייט — די, ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער
מצבֿ פֿון זײַן אויטענטיש.

אויטשיזנע — די, ־ס. פּויל. פֿאָטערלאַנד
(געניצט אין פּד צווישן ביידע וועלט־מלחמות,
אָפֿט איר, מיט חוזק). “און פֿאַר ווענען?
פֿאַר דער א'? מישטיינס געזאָגט וואָסער א,
מיר ייִדן האָבן דאָס!„, טייטלבוים, אויפֿן
שוועל, וואַרשע, 1933.

אויך מיר

אויך — קאָניונקציע & אַדוו. Mhd: ouch, □ch.
1. ווײַזט אויף עפּעס אָדער עמעץ וואָס קומט
צו וו אַ צוגאָב (אין אַ גלײַכער אָדער
ענלעי

כער מאָס); דערצו נאָך, חוצדעם וואָס נאָך...
,,א, דו וועסט קומען אַהין,,.. ,,זי איז
אַ שיינע און א אַ קלוגע‘‘. ,,אַ
קאָ,
מאַר קען א, בײַסן,,.. ,,אַ קאַץ (פֿליג,
קינד) קען א, קאַליע מאַכן‘‘, שוו. 2. ווײַזט
אויף נאָך אַן אומשטאַנד, אייגנשאַפֿט,
געשעעניש, וואָס איז אייגנטלעך וויכטיקער ווי דאָס
פֿריִער געזאָגטע [דערבײַ ווערט א, געשטעלט
צום סוף זאַץ אָדער קומט מיט אַ באַזונדער
שטאַרקער אינטאָנאַציע]. ,,וויבאַלד דער באָק
האָט הערנער, שטינקט ער שוין א',,, ,,דער
וואָס האָט אַ שׂר אין הימל, האָט אים אויף דער
ערד א'‘‘, ,,אין די קטורת איז דאָ חלבנה
א,‘‘, ‘‘אַז מע צעטרעט אַ וואָרעם, קרימט ער
זיך אויך‘‘, ,,שבת רוט אַפֿילו דער סמבטיון
א'‘‘, ,,וואָס דאָס קינד זעט אין בויך, טוט עס
דערנאָך א',,, שוו.
3. הייבט אַרויס אַז עס איז (דאַרף זײַן)
אויפֿן גלײַכן, דעם זעלביקן אופֿן. *איך האָב
א, אײַנגעשטעלט אין קאָן; *מײַן נשמה איז
א, ניט קיין ראָז(ש)ינקע;.זײַן נשמה איז א,
ניט פֿון קליאָטשע; *איך האָב א, אַ לעפֿל אין
דער שיסל; *איך האָב א, אַ צד אין טיש

(אין דער שיסל, אין באָרשט); *ער האָט א,
אַ ראַשקע אין באָד [די אַלע אויסדרוקן זײַנען
פֿאָדערונגען אָדער פֿעסטשטעלונגען פֿון
גלײַכבאַרעכטיקונג, גלײַכווערטיקייט]. „בײַ אַ מגפֿה
איז אַ ציג א אַ בהמה“, שוו [= אַז עס קומט
,

צו אַ צרה ווערט דער מינעריקער אויך אַ
שותּף]. דזוו פֿריִער, אָבער מיט אַ בײַטעם
פֿון פֿעסטקייט, זיכערקייט אָדער
באַרימערײַ: *איך בין א, ניט קיין יתום
(מלופּם ▯ קינד, חדר־ייִנגל, נעכטן געבוירן
געוואָרן אאַ); *איך בין א, ניט פֿון אַ שטיין
געבוירן; *מיך האָט א, אַ מאַמע געוויגט (
געזייגט, געהאָדעוועט); *מײַן נשמה איז א,
אונטערן באַרג סיני געשטאַנען; *איך בין
א, פֿון אַבֿרהם אָבֿינוס אייניקלעך (פֿון יעקבֿ
אָבֿינוס קינדער); *ער איז א, אַ טאַטנס אַ קינד.
4. ווײַזט אַז עס איז ניט גלײַך, אַז עס
איז אַ פֿאַלשע פּרעטענזיע (מיט אַ
באַזונדער שטאַרקער אינטאָנאַציע). א, אַ מענטש
(אַ נפֿש, אַ באַשעפֿעניש, אַ בעל־מלאָכה אאַ).
„אַ שנײַדערוק, און רוקט א, די האַנט אין
קהלשן קאָשיק אַרײַן!“, רייד. מיט ביטול

און רחמנות: א, אַ (לעבּעדיק) בּאַשעפֿעניש;
וויל א, פּאַפּע (עסן, אַ חלק). ,,נשמת כּל חי
— מאַכט רשי: א אַ גאָטס בּאַשעפֿעניש (
בּאַ,
שעפֿעניש בּײַ גאָט),,. 5. אַדוו ווײַזט אויף
אַ בּיסל אַ נידעריקערער מדרגה פֿון אַן
אייגנשאַפֿט (אָן אָנווײַז אויף נאָך אַן
אייגנשאַפֿט פֿרגל בּ1). ,,בּערל איז טאַקע

,

אַ גוטער, שמערל איז א אַ גוטער“. ,,וואָס

,

ווילסטו? נו, איז זי א, אַ שיינע,,.
צונויפֿגעבּונדן מיט אַ סוב: א'־מענטשן, א'־אויפֿטוערס.
,,אויב עס זענען פֿאַראַן א'־ און בּויך־ייִדן...“,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אויך מיר — פֿראַזע. שוין גאָרניט קיין...;
אויף אַ גאָר נידעריקער מורגה (אויסדרוק פֿון

אויכעט

בּיטול). א, מ, אַ מענטש (אַ בּאַשעפֿעניש, אַ
בּן־אָדם). א, מ, אַ בּעל־מלאָכה (אַ קענער, אַ
ווײַסער). א, מ אַן עסק (אַ געשעפֿט, אַן ענין).

,

א, מ אַ ל􏰀ײַט. א, מ אַ גאַנג. א, מ, מענטשן

,

אאַזוו. „צערעמאָניעס מיט אַ ייִדיש ווײַבל! א, מ, לײַט!“, ממוט, יודל. „...פֿונעם געמיינעם עולם: א, מ, בהמות, הונגעריקע, דאַרע, אויסגעדייוועערטע“, ממוס, ספֿר הכּהמות. „וואָס איז טויזנט גילדן? אינגאַנצן ק״ן רובל...א, מ, געלט!“, אר, 'דער אוצר'. [צונויפֿגעבונדן מיט אַ סוב: א'־מ'־קלעזמער, א'־מ'־אויפֿטועס אאַ. „שיינע ייִדן, כּשרע ייִדן, מיטן־פֿולן־מויליידן, בּרענענדיקע ייִדן, צעבּראָכענע ייִדן, גילדענע־אָדער־ייִדן, גלאַט־יידן, אַזוי־זיך־ייִדן און אויך־מיר־ייִדן“, ממוס, ווינטשפֿ.]

אויכעט — דזוו אויך ←. פֿטמ (אין רייד מער פֿאַרשפּרייט ווי אין ליטעראַטור). „איז דאָך דער גנבֿ א, געווען“ פֿמ. „און אַ פּנים, דאַרף

,

איך אײַך זאָגן, איז בײַ אײַך א, אַ ייִדיש,„ שע, פֿון צוויי וועלטן. „איז דאָס א, אמת זעכער אַז קומען דעמאָלט וועט משיח,„ פּרץ, 'דער כּוס, פֿאַר דײַן קעפּל פֿאַר דײַן פֿיסל, דאָ, . „ —

,

א, דאָ„, זש, פֿאַנדרע. „ציגײַנער ווילן א, לעבֿן אויף גאָטס וועלט“, א. מ. פֿוקס. „פֿרעגן —

מעג מען דעם קייסער א'‘, שוו.
אויל — דער (די), ־ן. אַרכ. אַמ. 1. אייל. אבֿ, שמות דבֿרים, פֿאַרטײַטשט: שמן — אויל.
2. יעדער מין פֿליסיקייט וואָס האַלט אין זיך פֿעטס הייסט אין אַמ יידיש אויל [דאָס וואָרט אייל איז פֿאַקטיש פֿאַרגעסן געוואָרן. א, אַרײַנגעדרונגען אויך אין ליטעראַטור]. נאַפֿט, פּעטראָליום, קעראָסין.
אוי לאָזנים שכך שומעות — [אוי לייאָזנאַ'יִם שעקאַ'ך שוי'מעס (שאָ'מעס)] זאַץ. < מדרש תּהלים, יז; פּסקתּא רבּתי, פּ, יהודה.
ווי צו די אויערן וואָס הערן ־עס (אַזוינס, אַזעלכעס)! (אויסדרוק פֿון אויפֿרעגונג און פּראָטעסט בײַם הערן שרעקלעכע רייד: פֿון גאָט־לעסטערונג, כּפֿירה, אַפּיקורסות, אָדער קללות). — „א, ל, ש, ש'! — האָבן עטלעכע חסידים אַרויסגעשריגן — מע דאַרף אים עוקר מן השורש זײַן!„, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אוי (לה) לאותה בּושה — [אוי, (לאָ) לייאוי'סע בּו'שע] זאַץ. < בּבֿא בּתרא, עה/א (די צווייטע העלפֿט, דאָרטן: 'ואוי לה לאותה כלימה, [ווייאוי, לאָ לייאוי'סע קלי'מע]. ווי איז צו אָט דער שאַנד (און ווי איז צו אָט דעם בּזיון). דער ערשטער טייל ווערט

געניצט אַליין אָדער בּיידע טיילן אינאיינעם.
„אַז אין אַזאַ מקום זאָל מען זיך...[שרעקן]...
אוי לאותה בּושה, אוי לאותה כלימה!“, קמ,
.No ,1866 21

אוי לה לספינה שאָבַד קבּרניטה —
[אוי, לאָ ליספּי'נע שעאָ'וואַד קאַבּאַרני'טע
(קוואַרנייטאָ)] זאַץ. < בּבָא בּתרא, צא/בּ. ווי
איז צו דער שיף וואָס האָט פאַרלאָרן איר
קאַפּיטאַן. (אַנגענומענער טרויער־אויסדרוק בּיי
הספּדים אויפן טויט פון אַ רבֿ, ראָש־הקהל,
ייִדישן פירער).

אוי לה לרבּנות שמקבּרת את בּעליה
— [אוי, לאָ לייראַבּאָ'נעס שעמעקאַבּע'רעס עס
בּאַאַלע'האָ] זאַץ. < פּסחים, פּז/בּ. (דאָרטן:

ווי איז צו דער הערשאַפט וואָס... — שינוי
אין בּ: ווי איז צו דער רבּנות וואָס בּאַגראָבּט
אירע בּאַזיצערס (אויסדרוק אויפן טויט פון אַ
רבֿ וואָס איז געשטאָרבן יונג אָדער אין מיטעלע
יאָרן).

אוי ל□ לבּית שהלפת עובֿרת בּת□כ□ —
[אוי לוי לעבּאַ'ייִס שעהאַלע'פּעס אויווע'רעס
בּעסוי'כוי] זאַץ. < בּרכות, מד/בּ. ווי איז צו
דעם בּויך וואָס נערט זיך תּמיד מיט רעטעך

[על־פּי רשי]. (געזאָגט מיט באַדויערן ווען אַן
אָרעמאַן דאַרף כּסדר עסן די זעלביקע שפּײַז).
„אוי לו... [אין טעקסט „עובֿר']... — שלעכט
איז דער בּויך וואָס ער איז פֿול מיט קרויט“,
יודישער פֿאַר־פּטח, וואַרשע 1881.
אוי לו לדור שאָבֿד מנהיגו — [אוי לוי
ליידאָ'ר שעאָ'וואַד מאַנהי'גוי] זאַץ. < בּבא
בּתרא, צא/א. ווײ איז צום דור וואָס האָט
פֿאַרלאָרן זײַן פֿירער. ← אוי לה לספֿינה...
[די בּיידע זאַצן בּאַציִען זיך אין גמרא אויפֿן
טויט פֿון אַבֿרהם אָבֿינו].
אוי לו לדור שאַתּה פּרנסו — [אוי, לוי
ליידאָ'ר שעאַ'טאָ פּאַרניי'סוי] זאַץ. < בּרכות,
כּח/א. ווײ איז צו דעם דור וואָס דו בּיסט
זײַן פֿירער (געזאָגט מיט כּעס, מיט בּיטול
צו אַ פּרנס, ראָש־הקהל, רעדלפֿירער אע).
[פֿרגל: „ווײ איז צו דעם דאָרף וואו מיקיטע
איז דער שופֿט“, „אַז אָך און ווײ אַז מיקיטע
איז אַ סטאַראָסטע„, שוו.]
אוי לו לדור   וּפֿט (ששפֿטו) את

▯

שוסטיו — [אוי, לוי ליידאָ'ר שעשוי'פֿעט
(שעשאָ'פֿטו) עס שוי'פֿטאָוו (שאָ'פֿטאָוו)] זאַץ.
בּבא בּתרא טו/ב; בּראשית רבּה, מב; איכה

רבה, א, 1. ווי איז צו דעם דור וואָס משפּט (האָט געמשפּט) זײַנע שופֿטים [פֿאַר פֿאַלשן משפּטן, כּאַבּאַר, אַנדערע חטאָים]. ווערט געניצט ניט בלויז בנוגע ריכטערס, נאָר אויך געזעלשאַפֿטלעכע פֿירערס, מנהיגים, וואָס פֿאַרזינדיקן זיך קעגן געזעץ.

אוי לי אם אָמר ואוי לי אם לא אָמר — [אוי, לי אים אוי'מאַר, ווייאוי, לי אים לוי אוי'מאַר] זאַץ. > בבא בתרא, פּט/ב. ווי איז צו מיר אויב איך וועל זאָגן, און ווי איז צו מיר אויב איך וועל ניט זאָגן (דעם אמת, דאָס וואָס איך מיין, דאָס וואָס איך האָב געזען אע). ווערט געניצט אין אַ שווערער סיטואַציע, ווען מע שטייט פֿאַר אַ מאָראַלישער דילעמע און ביידע 'ברירות, קענען פֿירן צו ניט קיין גוטע רעזולטאַטן.

אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי — [אוי, לי מעיוי'צרי ווייאוי, לי מעייִצרי] זאַץ. > ברכות, סא/א. 'ווי איז מיר פֿון מײַן באַשעפֿער און ווי איז מיר פֿון מײַן יצר (באַגער, פֿאַרלאַנג)'. ס'איז מיר שלעכט אַזוי און אַזוי; אין ביידע מעגלעכע פֿאַלן פֿון אַ ברירה — וועל איך שלעכט אָפּשנײַדן [ווײַל: פֿאָלג איך מײַן באַשעפֿער, דעם רבונו־

שלעולם, זײַן תּורה — ווערט דערדריקט מײַן
באַגער; און פֿאָלג איך מײַן יצר ־ ה ר ע ,
קריג איך אַ שטראָ פֿרן גאָ אָפּט איבי
י

.

רגעדרייט: אוי י מיצ ואוי

מיוצרי. ״דאָס קליינע בינטל [
אַסימילאַטאָרישע ייִדעלעך...געקרעכצט שטילערהייט:
אוי

אוי מי שמהיה...

לי מיצרי — פֿאַר מײַן ביסל ייִדישקייט וואָס
טליִעט נאָך...ואוי לי מיוצרי — פֿאַרן פּריץ
וואָס האָט מיך באַשאַפֿן״, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען.
אוי לי שראיתיך בכּך — [אוי, לי
שעראָאיסי'כאָ בייקאַ'ך] זאַץ. < שבת, לג/ב. ווײ
איז צו מיר וואָס איך האָב דיך געזען אין
אַזאַ מצבֿ! ווערט געניצט, ווען מע זעט אַ
נאָענטן, אַ פֿרײַנד, אין זייער אַ שווערער
לעבן־סיטואַציע און אין אַ פֿאָרמל
אויסצודריקן מיטגעפֿיל.

אוילן — טרוו. אויל, געאוילט. אַמ. to: .
oi1. איילן, אויסאיילן; באַשמירן מיט אַ פֿעטער פֿליסיקייט.
אוי לנו כי לא היתה כזאת — [אוי, לאָנו קי לוי הוי'סאָ קאָזוי'ס] זאַץ. <שמואל א, ד, 7. ווײ איז צו אונדז ווײַל אַזוינס איז נאָך ניט געשען (ניט פֿאָרגעקומען). ווערט געניצט, ווען מע הערט וועגן אַ גרויס אומגליק פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק (גזירות, גירוש, פּאָגראָם). [אין תּנך גראָד אַן אויסדרוק פֿון האָפֿענונג אַז די שׂונאים וועלן עס זאָגן].
אוילן־קיטל — דער. מצ נבֿ. גלאַנציקער קיטל, געדיכט צונויפֿגעוועבטער שטאָף פֿון כינעזישן באַוול, געווײַנטלעך געלבלעך, העלברוין [געניצט פֿאַר זומערדיקע מלבושים].
אוילן־קיטלען — אַדי. וואָס איז געמאַכט פֿון אוילן־קיטל ←. „דער בעל־הבית האָט געטראָגן אינדערוואָכן אַן א'ענעם קאַפּטן מיט מאַנטשעסטערנע (פֿליסענע) סטראָקעס“, ארז, קמ, 4 1866, No.
אוי לעינים שבך רואות — [אוי, לייאיינאַיִם שעקאַ'ך רוי'עס] זאַץ. < פּסקתּא רבתי. ← אוי לאָזנים... ווײ איז צו די אויגן וואָס זעען עס (אַזוינס, אַזעלכעס)! אויסדרוק פֿון

אויפֿרעגונג, צער אָדער בּאַדויערונג בּײַם זען,
בּײַ זײַן בּײַ אַ געשלעג, אומגליקפֿאַל,
פֿאַרשוועכונג פֿון אַ הייליקייט אאַ. „ — רבּי,
טרײַבּט זיי אַוועק פֿון דאָרט [וואו זיי
פֿאַרשוועכן אַ קבֿר] דען כ'וועל איינעם דעם קאָפּ
עפֿענען, ווי כ'בּין אַ ייִד! — א, ל, ש, ר, —
האָט ר, איטשע אַ פֿאַרווייטיקטער געזאָגט„„
אָפּא, פּוילישע וועלדער.

אוילקלאָט — די (דער), ־ס. אַמ. oilcloth:□ <.
צעראַטע, וואַקסטוך, לעדערטוך.

אוי לרשע ואוי לשכנו — [אוי, לייראָ'שע
ווייאוי, לישכיי'נוי] זאַץ. < סוכּה, נו/בּ. ווייִ
איז צום רשע און ווייִ איז צו זײַן שכן (
געניצט ווי אַ שוו). “מע וויל נישט זײַן אין
זײַן שטח! דאָס איז דער אמתער א, ל, ו, ל,“,
פּרץ, 'בּשעת מגיפֿה'!

אוי מה היה לנו — [אוי, מע האָ'יאָ לאָ'נו]
זאַץ. קומט נאָך יעדער שורה אין דער קינה
'זכור ה, מה היה לנו'. אוי, וואָס צו (מיט)
אונדז איז געשען! אויסרוף פֿון יאוש, פֿון
זייער בּיטערן געמיט (געווײנטלעך ווי אַ
רעזולטאַט פֿון גזירות, אומגליקן, אָנשיקענישן
אויף כּלל־ישׂראל).

אוי מי שמהיה עצמו בּשם אַל — [אוי,

מי שעמכאַ'יע אַ'צמוי בּיישע'ם אייל] זאַץ.
< סנהדרין, קו/א. ,ווי איז צו דעם וואָס טוט
זיך אָן וואוילטאָג אין גאָטס נאָמען'. ווערט

אוים

אָבער געניצט ניט אין דעם זינען, נאָר ווי:
ווי איז צו דעם וואָס באַלעבט (זיך) אין גאָטס
נאָמען (אויסדרוק פֿון פּראָטעסט קעגן חסידישע
רבּיים וואָס האָבּן געטיילט קמיעות; דער
ערשטער האָט געניצט עס אין דעם זינען — ר,
יעקבֿ בּן צבֿי עמדן, יעבֿ,,ץ, אין זײַן קאַמף
קעגן ר, ידנתן אייבּעשיץ).
אויס — זעלבּשטענדיק, (ווי אַ) זאַצוואָרט, אָדער
אין פֿאַרבּינדונג מיט ז ײַ ן און ו ו ע ר ן.
פֿאַרענדיקט, פֿאַרבּײַ, מער ניטאָ. ,,אַ קאַץ און
אַ מויז — די מעשׂה איז א'“, קל. ,,אַ
פֿלעקעלע אַרײַן, אַ פֿלעקעלע אַרויס — די מעשׂה
איז א',,, קל. ,,...און דו בּיסט א'!“—סוף פֿון אַ
צאָל אויסציילענישן (←). ,,ווען בּרכת אירוסין
אויז איז דא גיבּט מען דעם חתן צו טרינקן
און, דער כּלה,,, מנהגים... דורך דאז גאגץ יאַר,
וינידיג, ש,,ן ▯.וענעציע, 1590], ע/בּ. ,,דער

אַלטער מגיד פֿילט ווי זײַן וועלט איז אויס“,
אַר, ,דער אַלטער מגיד,. „,...אין דער צײַט, ווען
א, איז דער ווינטער, נאָר זומער נאָך ווײַט„,
אלף כּץ, חלום עליכם. „אַ זינג און אַ זאָג —
און א,“, אַלמי. „זייערע קינדער אָבער וועלן
זיך שוין צו דעם ניט פֿילן שולדיק...א'„,
שטריגלער. *ביז א, = בּיזן סוף.
אויס — נעגאַציע פֿון דעם סובֿ וואָס קומט
גלײַך דערנאָך (מיט שטאַרקן אַקצענט אויף
אויס). ווײַזט אַז עס איז בּטל די
אייגנשאַפֿט, דער מצבֿ, דער כאַראַקטער, די בּאַציאונג
אאַ, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם סובֿ.
א, מענטש ←. א, פֿרײַנד (חבֿר, גוטער־
בּרודער). א, חתן (כּלה, מחותּנים). א, שידוך, א,
סוד, א, שותּפֿות אאזוו. אָפֿט מיט אַ צווייטן
טייל וואָס הייבּט זיך אָן מיט: ווײַטער,
ווידער, צוריק. א, כּלה — ווידער מויד; א, ווײַבל
— צוריק מויד; א, חתן — צוריק בּחור; א,
יום־טובֿ — צוריק וואָך; א, געלט — צוריק
קבּצן; א, קינד — ווידער ממזר [דה די
עלטערן זײַנען שוין ווידער אין כּעס אָדער אַ נײַע
ווילדקייט פֿון אַ קינד]. א, מײַנסטער —
צוריק לערו־ייִנגל [ווען מע פֿאַלט דורך מיט
אַן אַרבּעט; ווען מע ווערט אויס

זעלבּשטענדיקער פֿאַרדינער]. א, פֿענדל — צוריק מענדל

[ד▯וו אויס גבֿיר — צוריק אָרעמאַן]. א, חתן — מעג ער (זאָל ער) ווערן דערשאָסן! [קללה אָדער אויסדרוק פֿון גלײַכגילטיקייט, ווען אַ חתן לאָזט אָפּ דעם שידוך]. „ניטאָ קיין מזומנים — איז א, מחותּנים“, שוו. „אַ הונט אָן ציין איז א, הונט“, שוו. „עס איז גרינגער צו ווערן א, גוי ווי א, ייִד“ (אויך פֿאַרקערט), שוו. „סע ווערט אַ ביסל גראַמער — אַהאַ! איז שוין ווידער א, בּרודערשאַפֿט, א, ליבּשאַפֿט“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „ירושלים איז אַצינד וויסט, חרובֿ, א, שטאָט, א, וועלט“, ממוס, ווינטשפּ. „וויבּאַלד א, כּלי־זיין, א, חייל, א, טאַרעראַם, איז דאָך א, שׂנאה, א, קנאה, א, טערק, א, ענגלענדער, א, פֿראַנצויז, א, ציגײַנער, א, ייִד להבֿדיל„, שע, 'ווען איך בּין ראָטשילד'. „און לאָזט זיך אַראָפּ דער פֿאָרהאַנג — איז א, כּישוף, א, לצים, א, מלאָכים„, שע, בּלאָנדזענדע שטערן־ אָפֿט מיטן ווערבּ מ אַ כ ן. „עוד תּקותי בּי דיך פֿאַר א, רבּי צו מאַכן, נור ניכט שמדן„, וועלוול

זבאַרזשער, בריוו [פֿש II]. „אַ ייִך דרייט און דרייט, קדים אויסגעדרייט...מאַכט מען אים פֿאַר א, דדייער“, שע, 'איבער אַ היטל'. „ער, דער שׂר וואָס ווערט, וויל מאַכן א, ערד“, צײַט, מטטרון. *א, אײַנגעמאַכטס = אויך: אויס גליקן, אויס גוטע צײַטן. *א, בוידעם! = אַ סוף זאָל נעמען צום פּלאָנטער, צו די פֿאַנטאַזיעס. *א, מחותּן (־נתטע, ־תנים) = (מע וויל) ניט האָבן קיין עסקים מיט עמעצן. *א, סאַרווער = אויך: אויס מאַכער, קהלס פֿאַרזאָרגער. *א, מיט דער קאַפּאָטע = אויך: געענדיקט אַן עסק, אַ סוף זאָל עס נעמען. *א, קאַפּעליוש־מאַכער = אויך: אַראָפּ פֿון אַ העכערער סאָציאַלער מדרגה, אויס אויפֿטוער [וועגן איינעם וואָס באַנקראָטירט פֿאַלט דורך

,

בײַ וואַלן א].

אויס — פּרעפּ. אַרכ. מייִ, פּד [אין 20. יה: אַלץ ווינציקער איו ליטרש; אין אוקר זעלטענער ווי פֿריִער, אין לד נב]. ווערט פֿאַרביטן מיט פּרעפּ פֿ ו ן. ou .Mhd:ו].

1. ווײַזט אויף דעם אָ ר ט , פֿון וואַנעט

עמעץ אָדער עפּעס קומט. ,,זיין קנעכט די לופֿן אויז דעם זאַל,,, בּבא־בּוך, 622. ,,...איין גרוש קוואַל וואשיר דער שוס אויש דער ערדן'', אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש''ץ', פֿירט 1694 א
,
[פֿש 4 II ,,אונ ווען דער בּעל־הבּית אויש דער שול אַהיים קומט...,,, לט1, 1/58. ,,די איבּרגי יהודים...זענין געך אַוועק גלפֿין אויש דער מדינה,,, שי. ,,...אַרויסגעקומען א, דער מוטערס טראַכט'', מס. ,,וואָכנווײַז איז א, דעם קוימען ניט געגאַנגען קיין רויך'', ממוס, ווינטשפּ. ,,אַ טוכלענע דומפּיקייט שלאָגט...ווי א אַ מקווה'', אַש, וואַרשע. ,,אַ הונט (און אַ
,
שיכּור, אַ נאַר, אַ וואָגן היי) גייט מען א, דעם וועג'', שוו. * .ין אויסן וועג = פּד, אַוועקגיין אין אַ זײַט, אָפּטרעטן כּדי ניט צו שטערן דורכגיין.

2. דזוו בּ1, נאָר פֿיג. ,,אויש דעם פּסוק איז גיהערט דש דיא תּורה הײשט טובֿ'', לט1, הקדמה. ,,אויז דען אויגן, אויז דען הערצן,,, בּריוו פֿון ירושלים, 1566 [אסף, מקורות ומחקרים בּתולדות י ראל, ז, 236]. ,,אויש דען אויגן, אויש דען הערצין'', פּראָגבּ, 56.

„א, די אויגן, אויסן האַרצן“, שוו. [„א, די אויגן — טיפֿער אין האַרץ“, פּרץ]. *
שפּרינגען א, דער הויט = א) איבערלעבן באַגײַסטערונג. „דער עולם ווערט משוגע, שפּרינגט א, דער הויט, הערנדיק די שיינע זאַכן פֿון חזן“, ממוס; ב) שטאַרק איבערלעבן שווערע געפֿילן. פֿאַר כּעס, פֿאַר צרות אע שפּרינגען א, דער הויט. „האב איך דיזוש מעשׂה אוזים [= אויס דעם] לשון הקודש אויף טײַטש אויז גישריבן“, גה, 279. „שפּריכווערטער א, ש״ס“, עיון, הקדמה. „דער רוח רעדט א, דיר“, ממוס.
3. ווײַזט אויף דעם אָפּשטאַם, דער ס י ב ה פֿון עפּעס. זאָגן עפּעס א, בייזקייט. שווײַגן א, מורא. טאָן א, ליבשאַפֿט. „וואו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? — טוט דער טאַטע אַ פֿרעג א, נײַגעריקייט“, שע. „אַפּלאָדירן א, מצווה“, אר. ”זײַן האַרץ איז אײַנגעשנורט געוואָרן א, רחמנות“, אַש, וואַרשע. „א, פֿרומקייט האַלט זי מיט אים קיין שלום ניט“, בערג.

אוים

4. ווײַזט אויפֿן מאַטעריאַל, שטאָף, פֿון וואָס עפּעס איז געמאַכט. „אַ האַרץ איז נישט א,

אײַזן“, שוו. „געקעסטלטע הויזן, געמאַכט א, אַ ווײַבערשע סחורה„, אַש, אָנקל מאָזעס. *ער מאַכט א, זײַן מויל אַ כאָליעווע = דרייט מיט דער צונג אַהין און אַהער, בײַט זײַן וואָרט. 5. דזוו ב4, נאָר פֿיג. „א, קינדער ווערן לײַט“, שוו [טענדלאַו, 559]. „א, קינדער ווערן לײַט און א, לײַט ווערן דראַבעס“, שוו. „עס ווערט א, אים אַ הויפֿן ביינעד„, ממוס. „א, מענטשן־אדיגן מיניעט זיך אַ שטעג„, סוצ, געהיימשטאָט. *וואָס איז א, מיר (דיר, אים...) געוואָרן! — בײַם באַדויערן אָדער חידושן זיו ווי שטאַרק מע האָט זיך געביטן.

6. ווײַזט אויפֿן אָביעקט בײַ אַ צאָל ווערבן און אויסדרוקן. „האָט דער חכם א, אים זייער געלאַכט“, נחב. „דער לערער מאַכט חוזק אַפֿילו א, חלומות“, פּרץ. „און אַמאָל א, אים אויך געלאַכט מיט גוטן„, ממוס, ווינטשפּ. „שוואַרץ גייט קיין מאָל ניט א, דער מאָדע“, שוו. [באַטײַט אויך: ס'איז שטענדיק דאָ טרויע].

7. אין פֿאַרשיידענע פֿאַלן מיטן ב: פֿ ו ן. „איך בין אויש דעם שלאַף אויף גיקומן“, 'שו“ת מהרשל', לובלין 1599 [הש I].

ויס קאָנווערב (פֿאַרבונדן אין אינפֿ און פּאַר, באַזונדער און נאָכן שטאַם פֿון ווערב אין

אימפּ, איצ). גיט צו פֿאַרשיידענע בבֿ דעם שטאַם
פֿון ווערבֿ און אָפּט אויך בײַ דעם זעלבֿיקן ווערבֿ
מיט אַ צאָל בבֿ. די אָפּטסטע זײַנען: 1.
אינגאַנצן, ביזן סדף, ביז צו דער מדרגה וואָס עס
איז נייטיק דורכצופֿירן די טואונג, למשל:
אויסבאַקן, אויסקאָכן, אויסוואַשן, אויסקלייַבן
אאַזוו. 2. באַטײַט אַז די טואונג גייט
אַריבער אויף אַ צאָל אָדער אויף אַלע פֿון אַ גרופּע,
למשל: אויסכאַפּן (אַ פּאָר בייגל), אויסגנבֿענען
(אַלץ וואָס אין שטובֿ), אויסלייגן (די גאַנצע
סחורה) אאַזוו. 3. פֿאַרבײַט און איז
גלײַכווערטיק מיט אַ ר ו י ס (ספּעצ אין אַרכ
און אין פּד), למשל: אויסברענגען (אַ געדאַנק),
אויסאָטעמען (די לופּט), אויסשטעלן (אַ פּײַג),
אויסגיסן (פֿון אַ כלי) אאַזוו. 4. ווײַזט אַז
ד טדאונג הייבט זיך אָן אומגעריכט, מיטאַמאָל
אָדער פּלוצלינג, למשל: אויסשרײַען,
אויסדונערן, אויסשיסן אאַזוו. 5. מאַכט עס זאָל
זײַן (ווערן) דאָס וואָס ווערט אָנגעוויזן
דורכן שטאַם, למשל: אויסווײַסן (מאַכן ווײַס),
אויסבעסערן, אויסגלײַכן, אויסגרײַזלען (די
האָר) אאזוו. 6. ווײַזט אַז עס איז ניט מער,
איז אַרויס פֿון אַ פֿריִערדיקן צושטאַנד, למשל:
אויסוואָרצלען, אויסבירגערן, אויסקנייטשן (די

אַלטע קנייטשן), אויסגרינען זיך אאַזוו. 7. מיט
ז י ך — באַטײַט אַז אַ טואונג האָט זיך
געצויגן אַ געוויסע צײַט און הערט אויף,
למשל: אויסווייַנען זיך, אויסטענהן זיך,
אויסזינגען זיך, אויסשרײַבן זיך (און ניט קענען
מער שרײַבן). 8. ווײַזט אַז עס ווערט בעסער
דורכן ניצן, למשל: אויסטראָגן (אַ פּאָר שיך,
זיי זאָלן ניט קוועטשן), אויסרײַטן (אַ פֿערד,
וואָס זאָל האַלטן אויף זיך דעם רײַטער),
אויסשרײַבן זיך (און שרײַבן בעסער ווי
פֿריִער) אאזוו. 9. (ענלעך צום 1, אָבער
מיט אַן אַנדער קנייטש) ווײַזט אַז דער

מאַטע־אוים

ריאַל ווערט אויסגעניצט, למשל: אויסברענען
(דאָס האָלץ), אויסנייען (דעם אָנגעגרייטן
פֿאָדעם), אויסגיסן אין פֿיגורן (דעם גאַנצן
וואַקס) אאַזוו. 10. קען אינגאַנצן בײַטן דעם
זינען פֿון ווערב לגבי זײַן באַטײַט אָן דעם
קאָנווערב, למשל: אויסקומען — קומען,
אויסלייזן — לייזן, אויסגיין — גיין, אויסשטיין
— שטיין אאַזוו.

די אַנדערע בבֿ זען אין די ווײַטערדיקע

ווערטער. א ו י ס קען האָבן פֿאַרשיידענע
(און אויך היפּכדיקע בכּ אויך מיט דעם
זעלביקן שטאַם פֿון ווערב. די פֿילבאַטײַטיקייט
נעמט זיך צום טייל פֿון גערמאַנישן אָפּשטאַם

פֿון איין זײַט, סלאַווישן (y□ו □ □נ□נ □ □נ□נ) פֿון
דער צווייטער זײַט, און פֿון אייגענער
ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער דריטער זײַט.
־אויס — צווייטער טייל פֿון אַ פֿאַרבינדונג
מיט אַ סובֿ (מיט שטאַרקן אַקצענט אויף אויס).
1. דאָס וואָס קומט צום סוף, דאָס מיט וואָס
עס ענדיקט זיך. וואָרט־אויס, טראַף־אויס,
זאַץאויס. 2. אין פֿאַרבינדונג מיט באַגריפֿן פֿון

ציַט און אָרט. יאָר־איַן יאָר□אויס = כּסדר
אין פֿאַרלויף פֿון אַ צאָל יאָרן. אַזוי אויך:
טאָג־איַן טאָג־אויס, וואָך־איַן וואָך־אויס אאַ.
אויך אין פֿאַרקערטן סדר: יאָר־אויס יאָר־איַן
אאַזוו. וואַלד־אויס וואַלד־איַן = כּסדר וואַלד,
פֿון איין וואַלד אַרויס, אין אַ צווייטן וואַלד
אַריַן. אַזוי אויך. פֿעלד־אויס פֿעלד־איַן אאַ.

.

3. פּרעפּ לענג־אויס ←.
אויסאַבאָנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
אַבאָנירט. מאַכן פֿאַר אַבאָנענטן אַ גאַנצע גרופּע.
ס'גאַנצע שטעטל א, אויף דעם בלאַט.

אויסאָדערן — טרוו. אָדער אויס, ~געאָדערט.
אַרויסנעמען אָדערן, באַפרײַען פון אָדערן. א,
די לעבער פאַרן צעמאָלן.
אויסאַדרעסירן — טרוו. ־סיר אויס, ~
אַדרעסירט. 1. אָנשרײַבן אַלע נייטיקע אַדרעסן.
2. ווענדן זיך מיט קורצע רעדעס צו
פאַרזאַמלונגען וועגן אַ באַשטימטן ענין. אַמ.
„דער פאָרשטייער פון דער צדקה־פעדעראַציע
וועט א, פאַרזאַמלונגען פון די
לאַנדסמאַנשאַפטן„.
אויסאַווירן — [...אַ'ווערן] טרוו. אַוויר אויס,
~געאַווירט. אָנפילן מיט שלעכטן,
שטינקעדיקן ריח. „מיטן פיפקענען האָט מען
אויסגעאַווירט דאָס גאַנצע הויז„. מיט ז י ך =
(גראָב) אַרויסברענגען שלעכטע לופט.
אויסאויקען — טרוו. ־קע אויס, ~געאויקעט.
אויסקרעכצן; דורך אויסרופן אוי־אוי
אויסדריקן געפילן. א, דעם צער, די חרטה,
בענקשאַפט אע.
אויסאויקען זיך — אוטוו. ← דפוו.
אויסקרעכצן זיך; דורך אויסרופן אוי־אוי זיך
גרינגער מאַכן ס'האַרץ.
אויסאופּאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויס,
זיך ~אופּאָרעט. סל. אינגאַנצן זיך ספּראַווען

מיט אַן אַרבעט (נאָך לענגערע באַמיאונגען
אָדער בײַ אַ פּאַמעלעכן אופֿן אַרבעטן). „ביז
איך האָב זיך אויסאופּאָרעט מיט דער קיו
און מיט די קינדערלעך, זאָלן געזונט זײַן,
איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט“, רייד.

אויסאוקראַאיניזירן זיך — אוטוו. ־זיר זיך
אויס, זיו ~אוקראַאיניזירט. איבערנעמען די
אוקראַאינישע שפּראַך און קולטור [אין 20ער
יאָרן פֿון 20. יה אין סאָוו אוקראַאינע]. „זיך
אויסאוקראַאיניזירט ווי אַ געבוירענער פּויער,
און דאָך פֿאַרבליבן אַ ייִד„.
אויסאורטיילן — טרוו. ־טייל אויס, ~
געאורטיילט פֿאַרענדיקן אַרויסגעבן אורטיילן,
.
פּסק־דינים איבער אַ צאָל געמשפּטע. א, צוואַנ..
ציק באַשולדיקטע אין איין שעה צײַט.
אויסאָטעם — דער, [געוויינטלעך ־ונגען].
אַקט פֿון אויסאָטעמען. דאָס וואָס ווערט
אויסגעאָטעמט. „מײַנע חושים זאַפּן גיריק אין זיך
דעם א'“, סמאָלאַזש, היים און פֿרעמד.
אויסאָטעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסאָטעמען.
אויסאָטעמען — טרוו. אָטעם אויס, ~

געאָטעמט. 1. אַרויסלאָזן לופֿט פֿון די לונגען און בײַ געוויקסן — זויערשטאָף. „מען אָטעמט אײַן זויערשטאָף, מען אָטעמט אויס קוילן־זויערשטאָף“. „דער צעגליטער ניו־יאָרק האָט זיך געקילט, אויסגעאָטעמט אין דער נאַכט אַרײַן אַ פֿײַכטע וואַרעמקייט“, אָפּ״אַו, 'אויף דער עלטער'. 2. אַרויסגעבן אַ ריח. „די בלומען האָבן אויסגעאָטעמט די עקזאָטישסטע אַראָמאַטן“. *א, די נשמה = שטאַרבן.

אויסאָטעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. שטאַרק און פֿרײַ אָטעמען מיט פֿרישער לופֿט; אָנאָטעמען זיך. „איך באָד מיך אַ פֿינף מינוט״ דאַן צוריק אין בעט אַרײַן. אָ ווי גוט דאָס איז זיך אַזוי אויסצואָטעמען מיט גאַנצן לײַב“, נאַד.

אויסאיבן — טרוו. איב אויס, ~געאיבט. דטשמ. אדיסווירקן, האָבן השפּעה אויף עמעצן. „ער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף דער גאַנצער גרופּע“. א, אַ דרוק = דריקן, באַווירקן.

אויסאיידלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסאיידלען (זיך). „די ייִדישע אַסימילאַציע פּריידיקט נאָך אַלץ ייִדישע א'...ווי אַ רפֿואה צו אַנטיסעמיטיזם“, יג,

תּוד I.

אויסאיידלען — טרוו. ־דל אויס, איידלען אויס; ~געאיידלט. אויך: ~איידלערן. מאַכן פֿײַנער, צאַרטער, איידל, איידעלער (אַנדערע אָדער זיך); מאַכן מע זאָל קריגן שענערע מאַנירן, בעסערע מידות. „א, דעם געשמאַק„.

„דאָס שטעטל נעמט פּאַוואָלינקע זיך אויס . ידלען“, ראַבּאָי. „...עס בּילדעט, איידלט אויס, עס שפּײַזט און בּאַלעבּט אַ וועלט מענטשן“, ממוס, ווינטשפֿ. מיט ז י ך. „צווישן

אייאו איידלען זיך

— אוטוו. ← דפֿוו.

בּאַד לע לײַט ווערסטו זיך אויך אַמאָל א'„ שע.

קומען אַ מער איידעלן אויסזען, ווערן מאָגער. „פֿון דער קראַנקייט האָט זי זיך אויסגעאיידלט“.

אויסאייטערן — טרוו. ־טער אויס, ~ געאייטערט. אויסרייניקן אַ וואונד, אַ געשוויר פֿון אייטער; מאַכן אַז די מאַטעריע, דער פֿלוס זאָל אינגאַנצן אַרויס.

אויסאייטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויפֿהערן אַרויסצוגעבן מאַטעריע, פֿלוס. „די וואונד האָט זיך אויסגעאייטערט און זיך פֿאַרהיילט“.

אויסאַכטן

אויסאײלן — טרוו. אײל אויס, ~געאײלט. אײַנשמירן רעדער אָדער אַנדערע טײלן פֿון אַ מאַשין מיט אײל; אײלן אַ צאָל זאַכן אין אַ רײ.

אויסאײנסן — טרוו. אײנס אויס, ~געאײנסט. מאַכן פֿון אַ פֿילקײט אַן אײנס; מאַכן פֿון אַ פֿילפֿאַכיקײט אָדער פֿון סותרדיקע עלעמענטן אײן גאַנצקײט. „דער געדאַנק אײנסט אויס די סתּירות“.

אויסאײנען זיך — קזוו. אײן זיך אויס, זיך ~געאײנט. 1. אײניקן זיך, מושווה ווערן, זיך אויסגלײַכן. „עס איז אַזוי שווער אויסצוגעפֿינען דעם אמת, אָדער אַזוי שווער זיך אויסצואײנען מיט אים“, זשיט. 2. ווערן אײנס אין געדאַנק, אין רעיון, ווערן אויסגעגליכן. „די נשמה אײנט זיך [מיט די באַזונדערע געדאַנקען] אויס, כּל־זמן זי גלײבט אין דער גאַנצער סיסטעם„, זשיט.

אויסאײנצלען — טרוו. ־צל אויס, ~ געאײנצלט. 1. אויספֿאַרקויפֿן לאחדים, אײנציקווײַז. „א, אַלץ וואָס איז דאָ אויף די פּאָליצעס“. 2. מאַכן אַן אײנס פֿון אַ גרופּע.

א, די מאַראַנצן אין דרײַ מינים. 3.
אויסטיילן עפּעס פֿון אַ גרופּע. „וואָס איינצלט איר מיך אויס?„
אויסאײַקען — טרוו. ־קע אויס, ~געאײַקעט.
אויסקרעכצן; דורך אויסרופֿן אײַ־אײַ
אויסדריקן געפֿילן. א, אַלע צרות; א, התפּעלות.
אויסאײַקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסקרעכצן זיך; דורך אויסרופֿן אײַ־אײַ זיך גרינגער מאַכן ס'האַרץ.
אויסאילוסטרירן — טרוו. ־ריר אויס, ~
אילוסטרירט פֿאַרענדיקן אילוסטרירן; אינגאַנצן
.
אויספּוצן מיט געמעלן.
אויסאימאַגינירט — אַדי, פּאַר
אויסאימאַגינירן ←. „טויט פֿון די העלדן — אויבֿ די א'ע פֿיגורן האָבן פֿאַרדינט אַזאַ נאָמען„,
סטריקאַווסקי, דער לויף קיין פּראַגאַלאָוו, וואַרשע 1955.
אויסאימאַגינירן, ־מאַזשינירן — טרוו.
־גיניר, ־זשיניר אויס; ~אימאַגינירט, ~
אימאַזשינירט. אויסטראַכטן; שאַפֿן אין דער פֿאָרשטעלונג; אויסגעשטאַלטיקן אין דמיון. א, געשטאַלטן, העלדן, געשעענישן.
אויסאינטריגירן — טרוו. ־גיר אויס, ~אינ

טריגירט. דורכפֿירן אינטריגעס צווישן אַ גאַנצן קרײַז; שטאַרק פֿאַראינטערעסירן.
אויסאיקען — טרוו. ־קע אויס, ~געאיקעט. מיט שווערקייט אַרויסברענגען רייד, אויסשטאַמלען; אויסשלוקערצן. „איקע שוין אויס וואָס דו ווילסט מיר זאָגן“.
אויסאיקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿאַרענדיקן שלוקערצן, אונטערהוסטן. 2. אַרויסזאָגן זיך נאָך פֿאָרהאַלטענישן אָדער שווערקייטן.
אויסאירן — איר אויס, ~געאירט. לר. דזוו אויסיוירן ←.
אויסאַכטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון אויסאַכטן. 2. אומדרך־ארץ, דאָס ניט אַכטן מער. נעאָל. „דאָס הפֿקרות, די א, און אויסגעלאַסנקייט אין אַ פֿאַמיליע־לעבן...„, טמז, 7 XII 1958.
אויסאַכטן — טרוו & אוטוו. אַכט אויס, ~ געאַכט. 1. גוט אַפּהיטן ביזן סוף פֿון אַ

באַאויסאַכלען

שטימטער צײַט. „אַכט אויס די גאַנצע נאַכט,

ווײַל דער שׂונא קען זיך אונטעררוקן אומגעזעענערהייט“; „מע קען זיך אויף איר פֿאַרלאָזן, זי אַכט אויס אַלע קינדער„. 2. אָפּגעבן אַלעמען דעם געהעריקן כּבֿוד. „ער אַכט אונדז אויס און הינטער די אויגן באַרעדט ער אונדז“. 3. אויפֿנעמען אויף אַ יום־טובֿדיקן, פֿאַראַדנעם אופֿן. ספּעצ: אַ חתן. *א, אַ חתן = אויך: אים פֿירן צו דער כּלה, וואו עס איז גרייט פֿאַר אים אַן אָפֿיציעלער אויפֿנעם. “אַז מ'האָט אויסגעאַכט דעם חתן צו דער כּלה אָדער אַז ס'איז געקומען אַזוי אַן אָנגעלייגטער גאַסט, פֿלעגט מען שבת צום טיש שטעלן משקה, ווײַן, און זאָגן דערבײַ: ,מיט ליבֿ אײַך מיט אײַער גאַסט',„ האָראָדעץ, ניו־יאָרק, תּש“ט, 173/א.

אויסאַכלען — טרוו. אַכל אויס, ~געאַכלט. אויפֿעסן אַלץ, א אַלץ, ביזן דנאָ.

,

אויסאָכען (זיך) — טרוו און אוטוו. אָכע (זיך) אויס, (זיך) ~געאָכעט. אויסקרעכצן (זיך), אויסזיפֿצן (זיך). ← אויסאויקען (זיך).

אויסאַמפּערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געאַמפּערט. עפּעס אַרויסקריגן דורך קריגערײַ, דורך אַ סך טענות, דורך שפּאַרן זיך. א, אַ הנחהלע.

אויסאַמפּערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסבּרענגען טענות, קריוודעס (וואָס מע טראָגט אין זיך) דורך שפּאַרן זיך, קריגן זיך. א, זיך אויף די זעלבּיקע תּנאָים.
אויסאַנאַליזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~ אַנאַליזירט. דורכפֿאָרשן דורך און דורך; פֿאַרענדיקן דורכפֿירן אַנאַליזן.
אויסאַנאַנדער — דזוו פֿונאַנדער. דטשמ. „זיי זענען זיך ׳, ׳עגאַנגען„, אמד, מלכּה והדסה, דווילנע 1869.
אויסאַנדערשן — טרוו. ־רש אויס, ~ געאַנדערשט. 1. מאַכן עמעצן (עפּעס) שטאַרק אַנדערש; אינגאַנצן איבּעראַנדערשן. “ער איז איינגעשפּאַרט און דו ועסט אים נישט א'“. 2. בּיסלעכוויַיז. מיט דער צײַט בּײַטן.
אויסאַנדערשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך בּײַטן, ווערן אַנדערש פֿון זיך. „דו וועסט זיך אויסאַנדערשן, אַפֿילו אויב דו וועסט עס ניט ווען“.
אויסאַנטדעקן — טרוו. ־עק אויס, ~ אַנטדעקט. 1. פֿאַרענדיקן אַנטדעקן. „שוין אַלץ אויסאַנטדעקט, פֿאַר דיר איז גאָרנישט געבּליבּן וואָס מחדש צו זײַן„, רייד. 2. לאָזן וויסן אַלץ. „ער האָט אויסאַנטדעקט וואָס ער ווייסט“.

אויסאַנטוויקלען — טרוו. ־קל אויס, ~
אַנטוויקלט. גוט אַנטוויקלען, פֿאַרענדיקן
אַנטוויקלען. „די אינדוסטריע איז אַזוי
אויסאַנטוויקלט אַז זי נייטיקט זיך ניט אין
אויסלענדישן קאַפּיטאַל“.
אויסאַנטצינדן — טרוו. ־נד אויס, ~
אַנטצונדן. אַרומכאַפּן מיט אַן אָנצינדונג,
פֿאַרשפּרייטן אַן אָנצינדונג איבער אַ גאַנצן אבֿר
(קערפּער). „די קראַנקייט קען נאָך א, דאָס
גאַנצע מויל“.
אויסאַנקערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געאַנקערט. 1. אַרויסציִען דעם אַנקער (היפּך פֿון
פֿאַראַנקערן). א, די שיף און זיך לאָזן אין וועג
אַרײַן. פֿאַרלאָזן אָן אָרט; אויסוואָרצלען.

2. פֿאַרענדיקן אַנקערן. גוט א, די שיף, זי זאָל
זיך ניט רירן פֿון אָרט.
אויסאַסיגנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
אַסיגנירט. אויסטיילן די גאַנצע סומע דורך
אַלאָקאַציעס.
אויסאַסרן — [...אַ'סערן] טרוו. אַסר אויס,
~געאַסרט. אַרויפֿלייגן אַן איסור (

רעליגיעזן פֿאַרבאָט) אויף אַ גאַנצער ריי (געשעפֿטן, זאַכן). „דער רבֿ האָט אויסגעאַסרט אַלע יאַטקעס“.

אויסאַפּלאָדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~ אַפּלאָדירט. באַוואַרפֿן אַלעמען (אַלץ) מיט אַפּלאָדיסמענטן. „דער באַגײַסטערטער עולם האָט אויסאַפּלאָדירט אַלע אַקטיאָרן“, רייד.

אויסאַקערן ▯ טרוו. אַקער אויס, ~געאַקערט. 1. מיט אַן אַקער דורכגראָבן אַ פֿעלד, אַ שטיק ערד; אַקערן ביז סוף. 2. שטאַרק דורכזוכן, דורכנישטערן. א, די שטוב און ניט געפֿינען די שליסלען. א אַלע ספֿרים און דעם

,

מאמר ניט געפֿינען.

אויסאַראַנזשירן — טרוו. ־זשיר אויס, ~אַראַנזשירט. אַלצדינג אײַנאָרדענען, אויססדרן.

אויסאַרבעט — דער, ־ן. זן. אַקט אָדער פּראָצעס און רעזולטאַט פֿון אויסאַרבעטן. וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער־א,, 1922.

אויסאַרבעטונג — די, ־ען. 1. אויסגעאַרבעטער פּראָדוקט. „אַ גוטע א, וועט זײַן גרינג צו פֿאַרקויפֿן,,. 2. פּראָצעס פֿון אויסאַרבעטן א עפּעס. „די א, איז זייער אַ קאָמפּליצירטע,,.

אויסאַרבעטן — אוטוו. ← דווו. אַרבעטן

אין אַ צאָל (פֿאַרשיידענע) ערטער. „ער האָט שוין אויסגעאַרבעט וואו ערגעץ אַ פֿאַבריק“.

אויסאַרבעטן — טרוו. ־עט אויס, ~ געאַרבעט. 1. מאַכן, פּראָדוצירן פֿון אַ רוישטאָף אַ מאַטעריאַל אָדער פֿון מאַטעריאַל — זאַכן, ענדגילטיקע פּראָדוקטן. „פֿון פֿעל אַרבעט מען אויס לעדער, און פֿון לעדער — הענטשקעס“. „וואול און לייאן האָט זיא אָנגעפּרעגט און מיט אוראייגנע הענט האָט זיא עס אויף גרעט אויס גיאַרביט“, מס, משלי, לא, 13.

אויסאַרבעטן אַ זאָק = אויסשטריקן אַ זאָק. א, אַ פֿעל = אָפּרייניקן, באַאַרבעטן אַ פֿעל. „אַ טייל זאַכן איז פֿאַרהאַנדן וואָס מע האָט מיט זיי מי און טירחא, דהײַנו פֿעל א'“, חה, 398. “ס'איז מיר געפּגרט דאָס...פֿערדל וואָס האָט מיר איבערגעלאָזט בירושה די פֿעל, און גאַווורילע האָט זי מיר אויסגעאַרבעט“, ממוס, 'צוריק אַהיים,.

2. אויפֿטאָן, דערגרייכן דורך אָרבעט. „...און אלי אַרביט וואָס מײַנע הענט האָבן אויס גיאַרביט און אין דער פּראַצע וואָס האָב האָסטו מיר געזאָלט לאָזן אַרבעטן וואָלט איו א פֿאַר האָריוויט“, מס, קהלת תקע“ט, ב, 11.

אויסגעאַרבעט גלײַך מיט אַלע“, לט2.

3. באַאַרבעטן. „אַ קנעכט וואָס זײַן האַר האָט אים געבאָטן צו טאָן...אויף דעם פֿעלד, א

דהײַנו צו א, די ערד„, חה, 18.

4. זיך מיִען, זיך משתּדל זײַן עפּעס צו קריגן. „האָב איך גענומען א, מיר אַ פּאַס“. שע, יִדישע שרײַבער. א

5. אויסקינצלען, זייער גוט מאַכן. „ער האָט אויסגעאַרבעט אַ מלבוש אַ צאַצקע“. „ער האָט אויסגעאַרבעט ווי אַ מײַסטער„. „בעט...

אויס — אַרוים

למעני זאָל מיר א, אַ תּפֿילים־זעקיל“, ווערלוול זבאַרזשער, בריוו, [פֿש II]. „...דאָס איבעריקע האָט שוין שמואליק אַליין אויסגעאַרבעט מיט זײַן אייגענעם געבענטשטן האַלדז„, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

6. מאָדעלירן, קלעפּן, פֿורעמען. „מיט זײַנע געראָטענע הענט האָט ער אויסגעאַרבעט אַ פֿיגור פֿון וואַקס“. „דאָס רעדן מיטן מויל אַרבעט אויס ווי אַ קינסטלער אַ מאָלער די געדאַנקען פֿונעם גײַסט אין איר קערפּערלעכער

געשטאַלט“, ממוס, שלמה.

7 פֿאַרדינען, קריגן הכנסה פֿאַר אַרבעט.

.

„זי אַרבעט אויס 80 דאָלאַר אַ וואָך„.

8. צואַרבעטן, אַרבעטן בלויז אַזוי פֿיל, ס'זאָל זײַן אויפֿן פערזענלעכן באַדאַרף (בײַ אונטערוואַקסנדיקע קינדער וואָס לעבן בײַ עלטערן). “די טאָכטער לערנט זיך, אָבער זי גייט א'„ (קאַנאַדע).

9. ברענגען צו אַ העכערער מדרגה, אַרויפֿברענגען, אַרויפֿאַרבעטן. „נישקשה, ער וועט נאָך א, דאָס געשעפֿט“.

1O. פּלאַנירן, אויסרעכענען. א, אין געדאַנק (אין קאָפּ) מיט אַלע פּרטים. א אַ נײַעם

,

אופֿן ווי דאָס צו טאָן.

11. פֿאַרשפּרייטן, פֿאַרקויפֿן, באַקאָנט מאַכן. „דעם אַרטיקל דאַרף מען א', דערווײַל איז ער ניט באַקאָנט“.

ויסאַרבעטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. אויסמאַטערן זיך פֿון צו פֿיל אַרבעטן, צו לאַנג האָרעווען. „ער איז שוין אַ זיבעציקער און ער האָט זיך שוין אויסגעאַרבעט, זיך אויסגעשעפּט“, רייד.

2. באַקומען זיך ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַרבעט, פֿון פּראַקטיק. „דאָס איז בײַ איר אַזאַ לשון,...וואָס האָט נאָך אויסגעאַרבעט?יך פֿון אייביקע עסקים און צו טאָן האָבן מיט בעלי־עגלות,„ ממוס, ווינטשפ.

3. אַנטוויקלען זיך. „אַ יחיד, אַ פּרט, ווערט ניט געבוירן אַ פּאַרטיקער אויף דער וועלט, נאָר ביסלעכווײַז אַרבעט זיך פֿון אים אויס אַ רעכטער מענטש“, ממוס, שטורעמצײַט.

4. זיך פֿאַרפֿולקומען אין אַ פֿאַך; ווערן אַ ספּעצ אַליסט. „אַזעלכע בריות אויף קאַרי

טאָפּל עסן ווי שנײַדעריונגען זײַנען איז שווער אויף דער וועלט צו געפֿינען, זיי האָבן דרינען זיך אויסגעאַרבעט, באַקומען אַ ידיעה“, ממוס, שלמה. „רפֿאל האָט געכאַפּט דעם שניט, זיך אויסגעאַרבעט אין גלופּסק. אַצינד האָט ער שוין יאָ געפֿיל אין דעם האַנדל,„ ממוס, ווינטשפ. *א, זיך און ווערן אַ לײַט. איר: א, זיך אויף (און ווערן) אַ שמאַטע.
ויסאַרגומענטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~אַרגומענטירט. דערווײַזן, דורכטענהן זיך מיט דער הילף פֿון ראַיות; אויסשעפּן אַלע מעגלעכע ראַיות. א, דעם ענין פֿון אַלע זײַטן.

ויסאָרדענען — טרוו. אָרדן (אָרדענען) אויס, ~געאָרדנט. אויססדרן, איַינשטעלן על־פּי אַ געווויסער אָרדענונג.

ויס — אָרויס — צונויפֿגעזעצטע פרעפ. ← אויס, פּרעפ. דזוו פֿון — אַרויס. „אַ נאַר נאַרט מען אַפֿילו אויס דעם באָד אַרויס“, שוו. „ראַטיווי דיו וויא אַהירש אויס דיא הענט

אויסאַרטונג

אַרויס און וויא אַפֿויגל אויס דער נעץ“, מס, משלי תּקע„ד, ו, 5.

אויסאַרטונג — די, ־ען. דטשמ. פֿאַרדרייאונג, פֿאַרקריפּלונג; אויסשטאַרבונג.

אויסאַרטן — אוטוו. אַרט אויס, ~ געאַרט(עט). דטשמ. פֿאַרדרייט ווערן, באַקומען אַ פֿאַרקריפּלטן תּוך אָדער אויסזען; אויסשטאַרבן. „די ייִדישע פֿאַרבלאָנזעטע שעפֿעלעך וואָס האָבן זיך געפּאַסעט אין וויסטע וועלדער, ד„ה זיי האָבן אויסגעאַרטעט אין ניה◌ ליזמוס„, ייִפֿאָל, 4 1882 II.

אויסאַרן — אוטוו. עס אַרט אויס, ~געאַרט. אומפּ. שטאַרק אַרן, אָנגיין, באַרירן. „עס האָט מיך אָסור אויסגעאַרט וואָס זי האָט

גערעדט וועגן מיר,,, רייד.

אויסאַרן — טרוו. אַר אויס, ~געאַרט. אוקר, מג. דזוו אויסהאַרן, אויסוואַרטן. א, די מזלדיקע שעה. ,,זאָלסט א, ביז וואַנען ער וועט צוריקשיקן! — האָב איך נאָכגעשריִען מײַן שליח,,, נאַד.

אויסאָרן — טרוו. אָר אויס, ~געאָרט. אַרכ, מייִ. אָפּדאַוו(ע)נען. ,,נון זענין מיר צווארין יחדיו ווידר אין ב״ה [= בית־הכּנסת] גנגין אביר מאַן האָט אַל [= שוין] אויז גיאורט גיהאט״, גה, 90. ״דר זאָל זײַנע תּחינות זאָגן פַּר בּרוך שאָמר אי דז ער (בּרוך שאָמר) זאָגט אודר נאָך שול ווען דער חזן הט אויז גיאורט״, לט1. ,,נון, איי ער האָט רעכט אויז גיאָרט, זו מוז דער פאָלק ווידר פאָרט״, אַשכּנז [פּש III]. ,,ער וואַרטט אלדא בּיז ער האָט אויז גיאָרט״, ספּר משלים פּפּדמ 1686.

אויסאַרענדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~ אַרענדירט. אַלץ אויספּאַרדינגען אויף אַרענדע. א אַלע גיטער.

אויסאַשן — טרוו. אַש אויס, ~געאַשט. אויסרייניקן, אויסקערן אַש. א, דעם אויוון.

אויסבאַ־ — קאָמבינאַציע פֿון קאָנווערב אויס
און ווערבאַלן פּרעפֿיקס באַ. טרעפֿט זיך אָפֿט
און שאַפֿט אַ גרויסע צאָל ווערבן (דערעיקר
אין דער רעדשפּראַך). דער אינפֿיניטיוו (און די
קומעדיקע צײַט), דער פּאַרטיציפּ (און די
פֿאַרגאַנגענע צײַט) קומען אַרויס גרינגער אין אַ
צאָל פֿאַלן און נאַטירלעכער ווי די איצטיקע
צײַט און דער אימפּעראַטיוו.

אויסבאָברען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויס,
זיך ~געבאָברעט. 1. זיך פּלאָנטערן מיט
עפּעס און זיך אַרויספּלאָנטערן. 2. זוכן
צווישן אָנגעוואָרפֿענע זאַכן און געפֿינען. 3. זיך
צו עפּעס דערשלאָגן נאָך פּאַמעלעכער אָדער
אומנייטיקער אַרבעט.

אויסבאַגלייטן — טרוו. ־לייט אויס, ~
באַגלייט. 1. באַגלייטן אַלע(מען) פֿון אַ
באַשטימטער גרופּע. „חתן־כלה האָבן
אויסבאַגלייט ביז דער טיר אַלע מחותּנים„„ רייד.
2. אַרויסבאַגלייטן. א אַן אָרעמאַן מיט אַ
שיי,
נער נדבֿה.

אויסבאַגליקן — אוטוו & טרוו. ־יק אויס,
~באַגליקט. 1. מצליח זײַן, שטאַרק
באַגליקן. „איך ווינטש אײַך איר זאָלט אויסבאַגליקן

אין אַלע אײַערע דרכים,,, רייד. 2. פֿאַרשאַפֿן פֿרייד אַ צאָל (אַלע). א, דעם גאַנצן קלאַס מיט גוטע צייכנס.

146

אויסבאַגערן — טרוו. ־ער אויס, ~באַגערט. קריגן נאָך אַ שטאַרק באַגערן; אינטענסיוו גלוסטן צו עפּעס. א, אַ חתן, אַ כלה. ,,כ'האָב [מײַן רעגנבויגן־שלאָס] אויסבאַגערט און אויסגעקלערט, און אים פֿאַרשפּילט“, לע, פֿאַביוס לינד.

אויסבאַגריסן — טרוו. ־גריס אויס, ~ באַגריסט. באַגריסן אַ צאָל (מענטשן), אַ סך מאָל. א, די געסט.

אויסבאַגריסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניצן אַ צאָל מאָל די געוויינטלעכע אויסדרוקן בײַם באַגעגענען זיך. א, זיך מיט אַלע באַקאַנטע.

אויסבאַדויערן — טרוו. ־ער אויס, ~(גע)־באַדויערט. אויסדריקן שטאַרקע באַדויערונג (איר בײַטעם). א, דאָס אומגליק. ,,האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ...און זייער שטיל אויסבאַדויערט: אוי, ייִדן, ייִדן...,,, פּמ, איינס או ן] איינס.

אויסבּאַדינגען — טרוו. ־נג אויס, ~
באַדונגען. פּטמ. דזוו באַדינגען, נאָר
עמפּאַטישער. א, עמעצן צו אַרבּעטן. א, אַ וואָלוועלן
פּרײַז.
אויסבּאַדינגען זיך — אוטוו. ←דפּוו.
ענדיקן דאָס דינגען זיך און קומען צו אַ הסכּם.
„ס'האָט געדויערט בּיז מע האָט זיך
אויסבּאַדונגען וויפּל סע דאַרף קאָסטן“, רייד. אויך:
קריגן פּאַר זיך גוטע בּאַדינגונגען.
אויסבּאָדן — טרוו. בּאָד אויס, ~געבּאָדן.
פּאַרענדיקן בּאָדן עמעצן; בּאָדן אַ צאָל,
איינציקווײַז. „זי קען זיך נאָך אַליין ניט בּאָדן,
מע דאַרף זי אויסבּאָדן“. “מע דאַרף דאָס קינד
הײַנט א', קען זי זיך ניט קערן“, אַר, 'די
אָרעמע געווינערין'. מיט ז י ך. זיך אויסבּאָדן
אין טײַך, אין מרחץ. *דאָס בּאָד א, =
דורכמאַכן בּיזן סאַמע סוף אַ שווערן ענין (אָדער
עפּעס וואָס איז ניט צום האַרצן). „נון וואַש
האָט ער טון זאלין עש מאג אים יוא אודיר ניט
גישמעקט האָבּין מיר זענין נון דרין גיוועזין
מן דאָז בּאד מוזין אויז בּאדין„, גה, 113.
אויסבּאָדן זיך — אוטוו. ← דפּוו. ווערן ריין
פּון עפּעס, ווערן פּרײַ פּון אַ זאָרג; זיך
אַרויסדרייען. „אַז איך ווייס נישט ווי אַזוי איך

וועל זיך אַמאָל א', און דערצו האָט מען
נאָך צו טאָן מיט גראָבע מענטשן“, שע,
מאַריענבאַד. *א, זיך פֿון חובֿות=ווערן פֿרײַ פֿון
חובֿות. ”ווי אַזוי וועט זיך די שול א, פֿון
חובֿות וואָס האָבן זיך קוים געקענט דערוואַרטן
אויף דער פֿולער ערבֿ־יום־כּיפּורדיקער שיסל?“,
פֿאָר, 13 X 1957.

אויסבאַדעקן — טרוו. ־עק אויס, ~באַדעקט.
פֿאַרדעקן אַלץ וואָס מע דאַרף. א, די נאַקעטע
לײַבער.

אויסבאַהאַלטן — אַדי, פֿאָר אויסבאַהאַלטן ←.
~באַהאַלטענער. וואָס איז פֿאַרשטעלט, וואָס
מע קען ניט אָדער מע זאָל ניט זען,
פֿאַררוקט אין אַ זײַט, געפֿינט זיך אין אַ
באַהעלטעניש. אַרויסנעמען א'ענע סחורה. „מיר
וועלן רעדן וועגן די נײַע דאָקומענטן פֿאַר די
א'ענע“, ספּ, סודות.

אויסבאַהאַלטן —טרוו ־לט אויס, ~(גע)־
-
באַהאַלטן. גוט באַהאַלטן, מע זאָל ניט קענען
זען אָדער געפֿינען, ערגעץ פֿאַרבאָרגן,

פֿאַראויסבאַוואַסערן

רוקן. א, די שליסלען. „זי האָט אויסגעזען שעמעוודיק, ווי איינע וואָס וויל א, איר שיינקייט“, ספּ, סודות.
אויסבאַהאַלטן זיך — ← דפּוו. 1. זיך אָפּזונדערן, זיך ניט ווײַזן, צוריקציִען זיך. „וואָס באַהאַלטסטו זיך אויס פֿון מענטשן און זיצסט אָפּ אין דײַן חדרל גאַנצע טעג?“. „ער קוקט שוין אויף מיר פֿון אַ זײַט, נאָר מיט חסד...[איך] באַהאַלט זיך אויס“, שע, מנחסמענדל. „ווען אַ פֿאָטער וויל זען די חכמה און איבערגעגעבנקייט פֿון זײַן קינד צו אים, באַהאַלט ער זיך אויס פֿון אים„, לדב. 2. אויסמײַדן, זיך שיצן פֿון עפּעס. זיך א, פֿאַרן (פֿון) רעגן (געוויטער, שטורעמווינט). 3. זיך פֿאַררוקן אין אַ זײַט; זיך פֿאַרשטעלן. „אונטער נעגעלעך און פֿעפֿערלעך באַהאַלט זיך אויס דער עיפּוש„, אשט, משליס. 4. זיך באַפֿרײַען פֿון עפּעס. א, זיך פֿון אייגענעם געוויסן. „דו קענסט זיך גאָרנישט א, פֿון פּראָווינציאַליזם“, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.
אויסבאַהויפּטן — טרוו. באַהויפּט אויס, ~באַהויפּט. 1. פֿטמ. באַווײַזן; זײַן בכּוח צו טאָן. „ער קען א, אַרײַנצולייגן נאָך געלס אין געשעפֿט“, רייד. 2. אַרויסברענגען אַלע

מיינונגען און סבֿרות. „ער האָט אויסבאַהויפּט
דאָס זײַניקע, אָבער מיר זײַנען געבליבן בײַ
דאָס אונדזעריקע“ [פֿון דטשמ ב פֿון
באַהויפּטן].
אויסבאַהיטן — טרוו. ־יט אויס, ~באַהיט(ן).
באַשיצן, דערהיטן; היטן אַ גאַנצע גרופּע. „
באַהיט מיך אויס, רבש״ע פֿון אַלע שלעק און
,
אָנשיקענישן„. „א, זאָל מען ווערן פֿון אַלדאָס
שלעכטס“.
אויסבאַהייצן— טרוו. ־הייץ אויס, ~באַהייצט.
אײַנהייצן אַלץ וואָס מע דאַרף; כּסדר באַהייצן.
א אַלע (ה)רובעס.
,
אויסבאַהעלפֿן — טרוו. ־לף אויס, ~
באַהאָלפֿן. געבן הילף אין אַ גרויסער נויט אַ
גרופּע אָדער אַ לענגערע צײַט. א, די שוואַכערע
תּלמידים בײַ דער היימאַרבעט. אויך מיט ז י ך
= זיך געבן אַן עצה.
אויסבאַהענגען — טרוו. ־נג אויס, ~
באַהאנגען, ~באַהאָנגען פֿאַרהענגען אַ צאָל
־
.
(פֿענצטער, טירן אא). א אַלע פֿענצטער מיט

פֿירהענגלעך.
אויסבאַהעפֿטן זיך — אוטוו. ־פֿט זיך אויס, זיך ~באַהעפֿט (~באַהאָפֿטן). צושטיין צו אַ צאָל (גרופּעס). זיך א, מיט (צו) אַלע פּאַרטייען, א, זיך מיט כלערליי עבֿודה־זרות.
אויסבאַוואַכן — טרוו. באַוואַך אויס, ~ באַוואַכט. גוט באַוואַכן; באַוואַכן אַ גרופּע. א, נאַכט נאָך נאַכט די קראָמען.
אויסבאַוואַסערונג, ־וועסערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבאַוואַסערן. די א, פֿון נגבֿ.
אויסבאַוואַסערטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן פֿולקום באַוואַסערט.
אויסבאַוואַסערן, ~באַוועסערן — טרוו. ־ער אויס; ~באַוואַסערט, ~באַוועסערט. ביז גענוגיקער מאָס באַוואַסערן; איריגירן אַ גאָנצן שטח. א אַלע פֿעלדער.

,

-

אויסבאַוואָפּנטקייט

אויסבּאַוואָסנטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן באַוואָפֿנט מיט כלערליי געווער.

אויסבּאַוואָסענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבּאַוואָפֿענען. די א, צו פֿאַרהיטן (פֿון) אַ מלחמה.

אויסבּאַוואָסענען — טרוו. ־פֿן (באַוואָפֿענען) אויס, ~בּאַוואָפֿנט. צוגרייטן כלערליי געווער אָדער פֿאַר אַ צאָל. א, די אַליאירטע.
אויסבּאַוואַרעמען — טרוו. ־עם אויס, ~בּאַוואַרעמט. גוט און מיט פּעולה וואַרעם מאַכן. א, די ספּעקטן.
אויסבּאַוואָרענען — טרוו ־רן אויס, ~ בּאַ.
וואָרנט. אויך מיט ז י ך. אויסהיטן אָדער

פֿאַרזאָרגן (פֿון אַלע זײַטן). א, עמעצן פֿון אַלע סכּנות.

אויסבאַוויזן — אדי, פֿאַר אויסבאַווײַזן ←. ~באַוויזענער. וואָס מע ווײַזט; וואָס מע קאָן זען. „אין דײַנע מחשבֿות און אין דײַנע א'ע גלידער זאָל אַלץ זײַן אויף איין מאַניר“, חה, בֿ, 327.

אויסבאַוויזנקייט — די, (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן פֿולקום באַוויזן.

אויסבאַווײַזן — טרוו. ־ווײַז אויס, ~באַוויזן. אויפֿווײַזן מיט אַלע מעגלעכע ראַיות. א, אַלעמען דעם אמת.

אויסבאַווײַזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אויסבאַרימען, זיך אַרויסשטעלן (דערעיקר מיט פֿיזישע מעלות). קינדער־לשון און בײַ יוגנטלעכע.

אויסבאָוועט — טרוו. ־ווע אויס, ~ געבאָוועט. אוקר. ד, פֿאָרעם פֿון אויסבויען.

אויסבאָוקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געבאָוקעט. אוקר. אויספּלאַפּלען, אויספּלוידערן; זיך ניט אײַנהאַלטן און דערציילן. ־□נ□]:□ □ <
□]□ □8□]□0]□(.

אויסבאַזייען — טרוו. ־זיי אויס, ~באַזייט.

אינגאַנ□ן פֿאַרזייען; באַזייען אַ צאָל (פֿעלדער).
אויסבאַזינגען — טרוו. ־זינג אויס, ~
באַזונגען. שטאַרק באַזינגען (אויסלויבן) אַ גאַנצע
גרופּע.
אויסבאָטן — טרוו. באָט אויס, ~געבאָטן.
1 פֿאַרלאַנגען אַ צו הויכן פּרײַז, בעטן מער
.
ווי די זאַך איז ווערט. „ר, ייִד, איר באָט אויס
אַזאַ פּרײַז וואָס איר וועט פֿון קיינעם ניט
קריגן„. „איך האָב מיר גאָרנישט אויסגעבאָטן“,
פּרץ, בילדער און סקיצן. 2. פֿאָרלייגן אַ
העכערן פּרײַז ווי אַנדערע. „דער רײַכער סוחר
האָט אויסגעבאָטן אַלע אַנדערע און ער האָט
געקויפֿט די סחורה“. 3. אויסקויפֿן. „דיא
לײַט די(א) זײַן הער קומין דיא האָבין מוזין
ג, ימי, אויף דען בית חיים ליגין ערשט דער
[נאָך] האָט מען זיא ביא ה, מאות זהו'[בים]
אדומי, אויש גיבאָטין“, פּראָגב, 3.
אויסבאָטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּר.
אָנבאָטן פֿאָרלייגן עפּעס צו טאָן (ערגעץ צו זײַן),
,
וואָלונטירן. אַ, זיך צו נעכטיקן בײַ דעם
קראַנקן. אַ, זיך צו ברענגען עפּעס. „...האָט
זיך טאַקע מאַשעלע אויסגעבאָטן בײַ די

שוועסטערן, אַז זי זאָל □ לייַבּן...איבּער דער שבֿעה“, ווײַס □ □, 'ווי דער נורל פֿירט'.

□

אויסבּאַטרעסן — אוטוו. בּאַטרעף אויס, ~בּאַטראָפֿן. בּאַטרעפֿן אין סך־הכּל. “די גאַנצע סחורה האָט אויסבּאַטראָפֿן...„
אויסבּאַטש(ק)ען — טרוו. בּאַטש(ק)ע אויס, ~געבּאַטש(ק)עט. לאָקל, בּיאַליסטאָק. (געוויינטלעך בּלויז וועגן אויגן) בּרייט עפֿענען, אויסשטעלן, שטאַרק פֿיקסירן. „ער האָט אויסגעבּאַטשעט אַ פּאָר אויגן אַז איך האָבּ זיך דערשראָקן“.
אויסבּאַטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געבּאַטשקעט. סל. אויספּלאַפּלען.
אויסבּאָיקאָטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~בּאָיקאָטירט. אינגאַנצן דורכפֿירן אַ בּאָיקאָט איבּער אַ גרופּע מענטשן, אָדער פֿון אַ גרופּע סחורות.
אויסבּאַכן — טרוו. בּאַך אויס, ~געבּאַכן. אַרכ, מייִ. דזוו אויסבּאַקן ←. א, מצה. א, חלות. „און זאָל דאָס פּת דין מאַכן און גוט א', כּדי עס זאָל זיך גוט האַלטן און ניט

פֿאַרדאָרבן ווערן“, הרבֿ א. בֿרודא, הליכות עולס, אונגוואַר 1864.

אויסבֿאָכ(ק)ען — טרוו. בֿאָכ(ק)ע אויס, ~געבֿאָכ(ק)עט. 1. אויסקלאַפּן; אָנבֿוכצען; דערלאַנגען קלעפּ (אַ צאָל, אַ גרופּע). „דער חבֿרה־מאַן האָט אויסגעבֿאָכקעט אַלע יינגלעך אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן“, רייד. 2. אויסשפּילן אַ ניגון דורכן ריטמישן קלאַפּן. „אַ טשמעל געטאָן אין זײַן כּלי און בֿאַלד גענומען אויסבֿאָכען אַ דרײַ־פֿערטל־טאַקט„, י. העשעלעס 3. פּר. פֿאַרקערן סעקסועל; פֿאַרגוואַלדיקן (גראָבֿ).

אויסבֿאַלאָטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־בֿאַלאָטירט. דורכפֿירן אינגאַנצן דאָס אָפּשטימען; בֿאַלאָטירן אָ גרופּע קאַנדידאַטן.

אויסבֿאַלאַנגען — אוטוו. ־נג אויס, ~(גע)־בֿאַלאַנגט. געהערן צו איין גרופּע (מענטשן) דערנאָך צו אַ צווייטער (צווייטן). א, צו אַלע פּאַרטייען, חבֿרות אע.

אויסבֿאַלאַנסירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבֿאַלאַנסירן. „אויבֿ אָבער קיין סאָציאַלע א, איז ניטאָ... בֿאַגעגענען מיר זיך מיט פֿאַראומערטע מיידלעך ...

וואָס האַלטן גאָרניט פֿון זיך,,, מוו, דער וועג
צו אונדזער יוגנט.

אויסבאַלאַנסירט — אַד .אַגמירט. אויך:
פּאָר
אויסבאַלאַנסירן ←. פֿפֿ: ~געבאַ
וואָס קומט צו אַן אינעווייניקסטן מצבֿ פֿון
גלײַכגעוויכט. א'ע מענטשן.

אויסבאַלאַנסירן — טרוו. ־סיר אויס, ~(גע)־
באַלאַנסירט. 1. אינגאַנצן אויסשטימען;
ברענגען צו (אין) אַ גלײַכגעוויכט. 2. אויסשטימען
דעם אַקטיוו מיטן פּאַסיוו (בוכהאַלטעריע).

אויסבאַלאַקען — טרוו. ־קע אויס, ~(גע)־
באַלאַקעט. 1. דערציילן אָן אַ טאָלק, אָן אַ
סיפּור־המעשׂה. 2. לײַכטזיניק דערציילן,
אויספּלאַפּלען.

אויסבאַלאַקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. קזוו. זיך דורכשמועסן אויף אַן אומערנסטן
אופֿן. 2. זיך אַרויסכאַפּן מיט איבעריקע
רייד, אויסזאָגן עפּעס אָן אַ כּוונה.

בעט. אויך: ~בו וו ־בע אויס, ~
געבאָל.

אויסבאָלבען
בען. 1. אויספּלאַפּלען,
— ט

אויסבאַלעווען

אויספּלוידערן. 2. ניט באַטראַכט, לײַכטזיניק
דערציילן אַ סוד.
אדיסבאָלבען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ניט
ווילנדיק, צופֿעליק, זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ
וואָרט. „ער האָט עס גאָרניט געוואָלט זאָגן,
נאָר עס האָט זיך אים אויסגעבאָלבעט“. 2
פֿאַר.
ענדיקן באָלבענען.
אויסבאַלדאָ'ווערן — ← אויסבעל־דבֿרו.
אויסבאַלוינען — טרוו. ־לוין אויס, ~
באַלוינט. באַלוינען אַ גאַנצע גרופּע. “עס זאָל
ניט זײַן קיין קנאה צווישן די אָנגעשטעלטע,
האָט מען אַלעמען אויסבאַלוינט“, רייד.
אויסבאַלושען — טרוו. ־שע אויס, ~
געבאַלושעט. פּר. אויסשטאַרצן די אויגן;
אָנקוקן מיט גרויסע, אַרויסגעשטעלטע אויגן.
א אַ פּאָר קוקערס. □ □ :balus: □ג <.

,
אויסבאַלזאַמירט — אַדי, פּאַר
אויסבאַלזאַמירן ←.
אויסבאַלזאַמירטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסבאַלזאַמירט.
אויסבאַלזאַמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~(גע)־
באַלזאַמירט. גוט, אינגאַנצן, איינציקווײַז
באַלזאַמירן (אַ גרופּע).
אויסבאַלייטן — טרוו. ־לייט אויס, ~באַלייט.
פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרעם פֿון אויסבאַגלייטן←.
אויסבאַלײַכטן — טרוו. ־לײַכט אויס, ~
באַלויכטן, ~לײַכט. אילומינירן אַ גאַנצע צאָל
(חדרים, זאַלן אאַזוו).
אויסבאַליעווען — טרוו. ־יעווע אויס, ~
געבאַליעוועט. (שוסטער־) אויסווייקן (לעדער־)
אין אַ באַליע (אין אַ קײַלעכדיקן הילצערנעם
עמער).
אויסבאַלמעלאָ'כע(ווע)ן — ←
אויסבעלמלאכה(ווע)ן.
אויסבאַלן — טרוו. באַל אויס, ~געבאַלט.
1. אײַנדרייען, פֿאַרדרייען סחורה (
מאַנופֿאַקטור, פּאַפּיר) אין גרויסע באַלן. 2.
אויסשרײַבן צייכנס אויף אַ צאָל זאַכן, דאָקומענטן.
„דער אָנגעשטעלטער האָט אויסגעבאַלט די
אַרטיקלען פֿון די אייבערשטע פּאָליצעס„.
3. (שטריקמאַכערײַ) אויספּאַקן, צענעמען אַ
באַלן פֿלאַקס, קאָנאָפּליע. 4. בכלל

אויסוויקלען.
אויסבּאַלעבּאַ'טעווען (זיך) — ←
אויסבּעל־הבּתּעווען (זיך).
אויסבּאַלעבּאָטשען (זיך) — אוטוו & טרוו. ־טשע (זיך) אויס, (זיך) ~ געבּאַלעבּאָטשעט. אויך: ~בּאַלעבּעטשען (זיך). דזוו אויסבּאַלאַקען (זיך) ←, אויסבּאָלבּען (זיך) ←.
אויסבּאַלעדערירן, ~בּאַל(י)עדרירן — טרוו. ־ריר אויס, ~בּאַלעדערירט, ~(גע) בּאַל(י)עדרירט. 1. בּאַדעקן מיט לעדער אַ בּאַשטימטע צאָל זאַכן. 2. (שוסטערײַ) אײַנאָרדענען אויף אַ געהעריקן אופֿן דעם שוך אויף דעם קאַפּול; פֿאַרן שטעפּן אָפּצ◌ען דעם שוך לויטן פֿאַסאָן פֿון דעם קאַפּול.
אויסבּאַלעווען — טרוו. ־לעווע אויס, ~ געבּאַלעוועט. צעבּאַלעווען, צעפּעשטשען אַ גאַנצע גרופּע.

אויסבּאָל(ע)כען

אויסבּאָל(ע)כען — טרוו. ־כע אויס, ~ גע◌בּאַלעמוטש — טרוו ־מוטשע אויס, ען .

לכעט. פֿאָד. אויסשטאַרצן (די אויגן).
אוי
~(גע)באַלעמוטשעט. 1. אויסדערציילן איבעריקס. 2. אַוועקפּטרן אַ באַשטימטע צײַט מיט פּוסטע רייד. א, אַ העלפֿט פֿון דער צײַט. 3. עפּעס אַרויסקריגן דורך אַ סך רייד (דורך צונעמען בײַם צווייטן אומזיסט די צײַט).
אויסבאַלעקן זיך — אוטוו. ־לעק זיך אויס, זיך ~באַלעקט. פֿטמ. שטאַרק הנאה האָבן פֿון אַ צאָל מאכלים. א, זיך נאָך אַזאַ סעודה.
אויסבאַמאָלן — טרוו. ־מאָל אויס, ~ באַמאָלט פֿאַרמאָלן, עס זאָל ניט בלײַבן קיין
.
ליידיק אָרט. א, אַלע ווענט; דאָס גאַנצע פּאַפּיר. (קינדער־לשון).
ויסבאָמבאַרדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~באָמבאַרדירט. באָמבאַרדירן שטאַרק אָדער אַ צאָל מאָל (ערטער). א אַלע גרויסע שטעט
,
פֿונעם שׂונא.
אויסבאָמבלען — טרוו. ־בל אויס, ~ געבאָמבלט. אומקלאָר אַרויסזאָגן;
אויספּלאַפּלען. ,,ציגײַנער זענען מכשפֿים! — האָט ברוך

אויסגעבאָמבלט פֿון דער שיסל“, אָפּאַ, אַליין.
אויסבאָמבלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסקומען מיט עפּעס אַ רעזולטאַט נאָך פֿאַרצויגענע שמועסן (פֿאַרהאַנדלונגען). איר. „אפֿשר וועט דאָך זיך עפּעס א, נאָך אַלע גערייידערייען אַהין און אַהער“.
אויסבאַמ עןזיך — אוטוו. ־באַמי זיך אויס, זיך ~באַמיט. זיך שטאַרק מטריח זײַן. זיך א, און לסוף פּועלן.
אויסבאָמעווען — ־מעווע אויס, ~ געבאָמעוועט. אַמ. אוטוו — אָנהייבן ווערן אַ 'באָם', זיך אַרומשלעפּן איבער דער וועלט גלאַט אַזוי, אָן אַ היים, אָן אַ באַשעפֿטיקונג. אַקוזוו — דורכוואַנדערן ווי אַ 'באָם'. א, דאָס גאַנצע לאַנד פֿון איסט ביז דער ווײַטער וועסט.
אויסבאָמעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. לעבן ווי אַ 'באָם, און אויפֿהערן פֿירן אַזאַ אַרט לעבן. אַמ. 2. דזוו אויסבאָמקען זיך←.
אויסבאַמקען, ~באָמקען — טרוו. ־מקע אויס, ~געבאַמקעט, ~געבאָמקעט. 1. אויסזינגען אין דער שטיל אַ ניגון. 2. אויסזאָגן, דערציילן אַ סוד.
אויסבאַמקען, ~באָמקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אונטערזינגען אַ לידל און אויפֿהערן.

אויסבּאַ(־באָ־)מקעניש — דאָס (די), ־ן.
ראָצעס אַדער רעזולטאַט פֿון אויסבּאָמקען. „זאָל
אינגאַנצן דאָס וואָרט ניט זײַן אָדער דאָס זאָל
פֿארבּײַטן אַן אַנדער א'“, פּמ פֿאַרבּײַגייענדיק.
-

אויסבּאַנאַוולען — ← אויסבּאַ(נ)עוולהן.
אויסבּאַנדאַזשירן — טרוו. ־זשיר אויס,
~באַנדאַזשירט. באַנדאַזשירן פֿון אַלע זײַטן,
אָדער אַ גאַנצע גרופּע.
אויסבּאַנוצן זיך —, אוטוו. ־נוץ זיך אויס,
זיך ~בּאַנוצט. שטאַרק, אַלזײַטיק באַנוצן זיך
מיט עפּעס אָדער עמעצן. א, זיך מיט אַלע
מיטלען.
אויסבּאַנייט — אַדי, פּאָר אויסבּאַנייען ←.
אויסבּאַנייט — אַדי, פּאַר אויסבּאַנײַען ←.
-
אויסבּאַנייען — טרוו. ־ניי אויס, ~בּאַנייט.

1 פֿאַרענדיקן באַנייען. 2. אויפֿנייען אַלע
.
בּגדים וואָס מע דאַרף.
אויסבּאַנײַען — טרוו. באַנײַ אויס, ~

באַנײַט. מאַכן ווי נײַ, אָפּפֿרישן, אויספּוצן,
רעסטאַווירן. א, אויף ניט צו דערקענען.
אויסבאַ(נ)עוולהן — [באַ(נ)אַוולען] טרוו.
באַ(נ)עוול אויס, ~באַ(נ)עוולט פּטמ. שטאַרק
.
באַעוולען פֿון אַלע זײַטן. אויך: ~באַ(נ)
עוו,
לען.
אויסבאַנעמען זיך — אוטוו. ־נעם זיך אויס,
זיך ~באַנומען. פּטמ. לר. באַרימען זיך, זיך
אַרויסשטעלן מיט אַ סך מעלות.
אויסבאַנען — טרוו. באַן אויס, ~געבאַנט.
דטשמ. מאַכן, דורכבּרעכן אַ וועג. „דאַרף
מען אויסבאַנען אַ וועג וואָס פֿירט דורך אַ
געדיכטן דזשאָנגל“, טמז, 1958 ‪I‬ 16.
אויסבאַסמאַרקען — טרוו. ־קע אויס,
~באַסמאַרקעט. שטאַרק פֿאַרבּרודיקן מיט
סמאַרק(ע) פֿון נאָז. אויך מיט ז י ך.
אויסבאַפּוצן — טרוו. ־פּוץ אויס, ~באַפּוצט.
גוט אויסצירן; באַפּוצן אַ צאָל זאַכן, אַ גרופּע.
א, די צימערן מיט גרינס.
אויסבאַפֿאַל — דער, ־ן. אַרויספֿאַל פֿון אַ
סך קונדן מיטאַמאָל אויף סחורה צום
פֿאַרקויפֿן. „ס'איז געווען אַזאַ א אַז ער האָט

,

דעם וו ן

לן

— אוטוו, דריטפעדזאָניק.

באַעפּל פֿאַרקויפֿט אין אַ פּאָר שעה".

אויסבּאָסאַ

פֿאַלט אויס, איז ~באַפֿאַלן. באַשערט זײַן.

"ס'איז מיר א, דאָס אמתע פּעקל צרות". טרוו

— [אויך מיט ה אָ בּ אין פֿאַרגאַנגענער

צײַט] אַרויפֿפֿאַלן, אָנפֿאַלן פֿון אַלע זײַטן. „פּאָר

ניט דורכן וואַלד. באַנדיטן וועלן דיך א'".

אויסבאפֿלאנצן — טרוו. אַנץ אויס, ~

באַ

-

פֿלאַנצט. אינגאַנצן פֿאַרפֿלאַנצן אַ געוויסן

שטח. א, דעם נאַקעטן באַרג.

אויסבאַפֿלעקן — טרוו. ־עק אויס, ~

באַפֿלעקט. באַדעקן מיט פֿלעקן, עס זאָל ניט

בלײַבן קיין ריינער אָרט. א, אַ קלייד, מע

זאָל ניט קענען אויסרייניקן.

אויסבאַפֿעדערן — טרוו. ־ער אויס, ~

באַפֿעדערט פֿון אַלע זײַטן באַדעקן מיט פֿעדערן.

.

,,מע האָט די פֿאַרזינדיקטע באַשמירט מיט סמאָלע און זיי אינגאַנצן אויסבאַפּעדערט,,.

אויסבאַפֿעלן — טרוו. באַפֿעל אויס, ~ באַפֿוילן. פֿטמ. דזוו באַפֿעלן, נאָר עמפֿאַטישער.

אויסבאַפֿעלקערן —, טרוו. ־ער אויס, ~ באַפֿעלקערט. באַזעצן מיט אײַנוואוינערס, אינגאַנצן, אַ געוויסע צאָל געגנטן.

-

אויסבאַסעסטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ באַפֿעסטיק. באַפֿעסטיקן גוט, אַ צאָל פּונקטן.

אויסבאַסרייען — טרוו. ־פֿרײַ אויס, ~

באַפֿרײַט. באַפֿרײַען אינגאַנצן, אַ צאָל (מענטשן, פֿעלקער).

אויסבאַצאָלן — טרוו. ־צאָל אויס, ~ באַצאָלט. 1. באַצאָלן ביסלעכווײַז, ביז אינגאַנצן. ״ער האָט טאַקע באַנקראָטירט, אָבער שפּעטער האָט ער אויסבאַצאָלט אַלע קרעדיטאָרן״, רייד. 2. אויסקויפֿן זינד אָדער טעותן. א, כּפּל־כּפֿלים פֿאַר דער נאַרישקייט.

אויסבאַצייכענען — טרוו. ־כן אויס, ~

באַצייכנט. מאַכן צייכנס אויף אַ גאַנצער גרופּע זאַכן; בולט אויסצייכענען.

אויסבאָרן

אויסבאַקומען — טרוו. ־קום אויס, ~ באַקומען. פּד. דזוו אַרויסבאַקומען.
אויסבאַקומען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ← דפּוו. זיך באַקומען ווי אַ רעזולטאַט.
„ס'באַקומט זיך אויס אַנדערש ווי מע ריכט זיך“.
אויסבאַקלאָגן — טרוו. ־אָג אויס, ~ באַקלאָגט. באַקלאָגן אַ לענגערע צײַט, אַ גרופּע.
„די זקנה האָט אַלעמען אויסבאַקלאָגט און אויסבאַוויינט“, רייד.
אויסבאַקלאָגן זיך —, אוטוו. ← דפּוו.
אויסדערציילן כּלערליי צרות.
אויסבאַקליידן — טרוו. ־לייד אויס, ~ באַקליידט. געבן קליידונג אַ גרופּע. „מיר וועלן א אַלע יתומים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס“. אויך
,

מיט ז י ך.
אויסבאַקן — טרוו. באַק אויס; ~געבאַקן,

~געבאַקט. 1. ענדיקן באַקן; אויסניצן די גאַנצע מעל. א, דאָס געבעקס. „און די פּרוי האָט דערפֿון אויסגעבאַקט אומגעזײַערט ברויט,„ תּי, שמואל א, כח, 24. 2. באַקן די נייטיקע, די פֿולע צײַט, דערבאַקן. באַקן ביזן א'. 3. מאַכן זייער טרוקן, אָפּברוינען. א, אויף דער זון. 4. אויסוואַרעמען. א, אַ ווייטיק אין געלענק.

אויסבאַקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן אינגאַנצן פֿאַרטיק דורך באַקן. וואַרטן ביז דאָס ברויט וועט זיך א'. „צי דער לעקעך האָט זיך גלאַט גוט אויסגעבאַקן, צי מע האָט אים גוט אויסגעשלאָגן“, שע, קליינע מענטשעלעך.

אויסבאָקעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געבאָקעוועט. (שנײַדעריש) אויסגלײַכן, אַרומגלײַכן טיילן פֿון אַ מלבוש פֿון אַלע זײַטן, צוריכטן אַז איין טייל זאָל ניט זײַן לענגער אָדער קירצער פֿון אַ צווייטן.

אויסבאַקענען זיך, ~קאָנען זיך — אוטוו. באַקע(אָ)ן זיך אויס, זיך ~באַקע(אָ)נט. פֿטמ. זיך באַקענען גוט, גרינטלעך אָדער מיט אַ גרופּע.

אויסבאַראַבאַניען, ~באַראַבאַנעווען — טרוו. ־ניע, ־נעווע אויס; ~(גע)

באַראַבאַניעט, ~באַנעוועט. 1. אויסקלאַפּן אַ מעלאָדיע אויף אַ פּויק אָדער אַזוי ווי אויף אַ פּויק.
2. אויסזינגען אַ מעלאָדיע מיט אַ באַסאָווער (האָפּערדיקער, הילכיקער, האַסטיקער) שטיס.
3. רעדן (לייענען) דעקלאַמירנדיק. 4. הויך אויף אַ קול אויסדערציילן.

אויסבאַראַבעווען — טרוו. ־בעווע אויס, ~באַראַבעוועט. אינגאַנצן אויסראַבירן, באַרויבן אַ גרופּע. א, א שטאָט מיט ייִדן.

אויסבאַראָטן זיך — אוטוו. ־ראָט זיך אויס, זיך ~באַראָט(ן). פּטמ. זיך האַלטן אַן עצה אײַנציקווײַז, מיט אַ גאַנצער גרופּע. „וואו נאָר אַ פֿרײַנד האָסטו זיך שוין אויסבאַראָטן מיט אים“, רייד.

אויסבאָרבלען זיך — אוטוו. ־בל זיך אויס, זיך ~געבאָרבלט. 1. מיט מאַטערניש זיך אַרויסדרייען פֿון אַ ראַנגלעניש, נעץ, פּאַסטקע.
2. אײַנציקווײַז זיך ראַנגלען מיט אַ גרופּע. ←אויסבאָרען זיך.

אויסבאָרג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסבאָרגן. אַן א, אָן פּראָצענט, אָן אַ משכּון.

אויסבאָרגן

אויסבאָרגן — טרוו. באָרג אויס, ~געבאָרגט.
1. אויסלײַען; קריגן צו ניצן אויף אַ
געוויסער צײַט אַ זאַך; נעמען אויף אָפּצוגעבן. „איך
האָב אויסגעבאָרגט בײַ אים פֿינף רובל, איך
וועל אים אָפּגעבן„. „איין חילול השם ח"ו א
מויכט דר פֿדן קומן, כגון דז איינר וואָלט אויש
באָרגין אונ, וואָלט ניט צאָלין", תּקק. „א, און
אָנזעצן...[וועט] אַלץ ניט קלעקן", אַשכּנז.
2. געבן עמעצן צו ניצן אויף אַ געוויסער
צײַט אַ חפֿץ; געבן געלט אויף צוריקצוקריגן.
„איך האָב אים אויסגעבאָרגט פֿינף רובל, ער א
האָט צוגעזאָגט אָוועקצוגעבן אין אַ וואָך
אַרום". א אַ בוך. 3. באָרגן (בײַ) אַ צאָל.

,

א, געלט (בײַ) אַלע באַקאַנטע. 4. נעמען ווי אַ
(פֿאָר)מוסטער, ווי אַ פּראָטאָטיפּ; ווי אַ יסוד א
פֿאַר א סיסטעם געדאַנקען. א אַ גרונטגעדאַנק

,

-

בײַם רמב"ם, בײַ רנ"קן. „עס איז גאָר קיין א
ספֿק ניט בײַ מיר אַז אַנ־סקי האָט
אויסגעבאָרגט זײַן חנן בײַ פּרצעס 'זינדיקן, פֿון 'אין

פּאָליש אויף דער קייט'", מוק, פּרץ און דאָס א
וויִדישע טעאַטער.
אויסבאָרגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס באָרגט אויס (געוויינטלעך ווער עס
לײַט עפּעס אַ צווייטן).
אויסבאַרויבן — טרוו. ־רויב אויס, ~באַ־ א
רויבט. אינגאַנצן באַרויבן, באַרויבן אַ גרופּע,
אַ קאָלעקטיוו.
אויסבאַריידן — לד. ← אויסבאַרעדן.
— זײַן אין אָ סר אָדער דורכ־ א
אויסבאַרייזן — אוטוו & אַקוזוו. ־רײַז אויס,
-
~באַרײַזט. פֿטמ.
פֿאָרן אַ צאָל לענדער. „א, וואו די וועלט האָט
נאָר אַן עק".
אויסבאַרייטן — טרוו. באַרייט אויס, ~
באַרייט פֿטמ. אינגאַנצן צוגרייטן. „קום נאָר א
.
צופֿאָרן, איך וועל אַלץ אין הויז א, פֿאַר דיר".
אויסבאַרימען — טרוו. ־רים אויס, ~
באַרימט. שטאַרק לויבן אומעטום, נאָכזאָגן
צאָל קרײַזן. מיט ז י ך = זיך מאַכן וויכטיק א
שבֿחים, עמעצנס שם זאָל גרויס ווערן אין אַ

און גרויס דורך באַרימערײַען; זיך
אַרויסשטעלן. „זיי האָבן זיך געשעמט מודה זײַן...
נאָר אַ ייִנגל...האָט זיך געוואָלט אויסבאַרימען
און זיך אַרויסגעכאַפּט“, ייִש, איבז, 'די מגילה א
פֿון פֿײַער'.
אויסבאַריקאַדירן — טרוו. ־דיר אויס,
~באריקאַדירט פֿאַרשטעלן מיט באַריקאַדן א
—
.
אַ צאָל גאַסן, דורכגענג, דורכפֿאָרן.
אויסבאַרעדן — טרוו. באַרעד אויס, ~
באַרעדט. 1. באַרעדן אַ גרופּע; באַרעדן אַ לענ־ א
גערע צײַט. „נו, מע האָט שוין אַלעמען
אויסבאַרעדט, מע קען שוין גיין אַהיים“, רייד.
2. קלאָר און מיט פּרטים אויסרעדן תּנאָים.
3. אַ סך אָנדערציילן. א
אויסבאַרעכענען — טרוו. ־כן אויס, ~
באַרעכנט. פֿטמ. גרינטלעך באַרעכענען. א, אַ
זאַך פֿון אַלע זײַטן.
אויסבאַרען — טרוו. ־רע אויס, ~געבאַרעט.
1. אויסנאַרן. א, בײַם יאָלד אַ צענערל. א
2. (וואול) סעקסועל אויסניצן.
אויסבאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויס,
זיך ~געבאָרעט. 1. זיך ראַנגלען
איינציקווײַז מיט אַ גרופּע. 2. זיך אַרויסדרייען, זיך

אַרויסדראַפּען. א, זיך פֿון אַ צרה. „קוים איז
ער אַרײַן צו דיר דאָס ערשטע מאָל אין זאַק
אַלס בעל־חובֿ, האָט ער זיך שוין ניט
געקענט אויסבאָרען“, ייִפֿאָל, 28 1886, No.
ויסבאַרשטן — טרוו. ־שט אויס, ~
געבאַרשט. 1. אויסרייניקן, אויספּוצן מיט אַ
באַרשט — קליידער, האָר, מעבל, ווענט,
אאַזוו. „...גוטע מאַשינען וואָס באַרשטן אויס
דעם פּשתּן פֿון אַלע מיני... פּסולת“, לדבֿ.
2. אויסשמירן, אויסקאַל(ע)כן מיט אַ באַרשט.

ויסבאַשאַסן — טרוו. אַף אויס, ~באַשאַפֿן.

באַשאַפֿן אַ סך, אַ גרויסע צאָל. „סאַראַ מאָדנע
ברואים! וואָס גאָט האָט אַלץ ניט
אויסבאַשאַפֿן!“
ויסבאַשוכן — טרוו. ־שוך אויס, ~באַשוכט.
פֿאַרזאָרגן מיט שיך אַ גאַנצע גרופּע.
ויסבאַשולדיקן — טרוו. ־דיק אויס, ~
באַשולדיקט. באַשולדיקן עמעצן אין אַ סך

פֿאַרבּרעכנס אָדער בּאַשולדיקן אַ גרופּע.
ויסבּאַשטאַטן — טרוו. ־טאַט אויס, ~
בּאַשטאַט. איינאָרדענען; בּאַזאָרגן מיט אַלץ וואָס
איז נייטיק (קליידונג, עסנוואַרג, מכשירים,
כּלים). „איך האָב אים אויסבּאַשטאַט אַ
וואַרשטאַט מיט אַלע מאָדערנע מאַשינען“, רייד.

-

ויסבּאַשטראָסן — טרוו. ־אָף אויס, ~
בּאַשטראָפֿט. צוטיילן שטראָף יעדן מיטגליד פֿון
אַ גרופּע; בּאַשטראָפֿן עמעצן מיט
פֿאַרשיידענע שטראָפֿן.
ויסבּאַשיטן — טרוו. ־שיט אויס, ~בּאַשאָטן
(פּד, ~בּאַשיט). גוט בּאַשיטן, איינציקוויז
בּאַשיטן אַ בּאַשטימטע צאָל זאַכן. „אַלע
סטעזשקעס פֿון סאָד האָט מען אויסבּאַשאָטן
מיטן ריינסטן זאַמד“.
ויסבּאַשיינען — טרוו. בּאַשיין אויס, ~
בּאַ-
שיינט. פֿטמ. אַריינגעבּן גלאַנץ און פּראַכט,
מאַכן שטאַרק שיינען. “דעם חתנס פֿעטער
האָט אויסבּאַשיינט גאַנץ חתנס־צד“.
ויסבּאַשיצן — טרוו. ־שיץ אויס, ~בּאַשיצט.

שיצן און ראַטעווען פֿון אַ צאָל סכּנות אָדער אַ צאָל מענטשן. „דער רבּש„ע זאָל אונדז א, פֿון אַלע אונדזערע שׂונאים“. אויך מיט ז י ך.
ויסבּאַשלאָגן — טרוו. ־לאָג אויס, ~ באַשלאָגן. גוט באַשלאָגן; איינציקוויַיז באַשלאָגן אַ צאָל זאַכן. א, אַלע דעכער.
ויסבּאַשמירן — טרוו. ־יר אויס, ~ באַשמירט פֿאַרשמירן, עס זאָל קיין ריינער — . אָרט ניט בלײַבן.
ויסבּאַשענקען — טרוו. ־ענק אויס, ~ באַשאָנקען, ~באַשענקט. געבּן אַ סך פֿאַרשיידענע מתּנות. „דו ביסט אויסבּאַשאָנקען געוואָרן מיט פֿאַרשיידענע טאַלענטן“, רייד.
ויסבּאַשערן — טרוו, דריטפּערזאָניק. באַשערט אויס, ~באַשערט. ענדגילטיק באַשטימען דעם גורל. „דער אייבּערשטער האָט עס אויסבּאַשערט — קען מען זיך דען העלפֿן?“ „אויב עס איז מיר אַזוי אויסבּאַשערט...“
ויסבּאַשרײַבּן — טרוו. ־שרײַבּ אויס, ~ באַשריבּן. איבּערגעבּן (בּעל־פּה, בּכתבֿ) מיט אַלע פּרטים. „איך בּעט דיך, בּאַשרײַבּ אויס אַלץ וואָס מיט דיר האָט זיך געטראָפֿן“. מע קען אונדזערע צרות גאָרניט א'.

אויסבּדהנען — [...בּאַ'דכענען] טרוו. בּדחן אויס, ~געבּדחנט. אַרויסבּרענגען פֿאַר אַן עולם בּדחנישע שטיק: לידלעך, גראַמען, חכמהלעך.

אויסבּדהנען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניט קענען מער זײַן אַ בּדחן; אַרויסגעבּן און מער ניט פֿאַרמאָגן בּדחנישן מאַטעריאַל.

אויסבּדקע(נע)ן, ־קעווען — [...בּאַדקע(נע)ן] טרוו. בּדקע(ווע) אויס, ~ געבּדקע(ווע)ט. 1. גרינטלעך, בּאַקוקן אינגעווייד פֿון געקוילעטער בּהמה צוליבֿ כּשרות. 2. גוט קאָנטראָלירן, אויסטאַפּן, זוכן פֿון אַלע זײַטן; גענוי פֿאָרשן. 3. אויסזוכן חמץ. „דש (חמץ) דש מן ליגט זול האַרט בּרוט זיין... ווען ער הוט אויש (גיבּדקת) זאָ זול ער ענדיגן אזוא: כּל חמירא„, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723.

4. אַרויסגנבֿענען. „די גנבֿים האָבּן מיר גוט אויסגעבּדקעט און אַוועקגעגנבֿעט אַלדינג“, דאָם קינד אין וואַלד, לעמבּערג 1891.

אויסבּודזשעטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~ בּודזשעטירט. 1. אויסקאַלקולירן, צונויפֿשטעלן

אַ בּודזשעט. 2. אויסשטימען דעם בּודזשעט,
אַז די הוצאה זאָל ניט אַריבּערשטײַגן די הכנסה.
אויסבּוד(י)ע(נע)ן — טרוו. ־ד(י)ע אויס,
~געבּוד(י)עט, לד. [אויסבּוד׳ען — אין
זאַמעט]. אַרויסבּרענגען פֿון צושטאַנד פֿון
שלאָף; אויפֿוועקן און מאַכן זיך בּאַוועגן, מע
זאָל ווערן אינגאַנצן וואַך. "דו האָסט
אויסבּודיִעט די קינדער און איצט וועלן זיי שוין
ניט אַנטשלאָפֿן ווערן". מיט ז י ך —
אַרויסגיין פֿון צושטאַנד פֿון שלאָף, אויסטשוכען זיך.
אויסבּוטלע(ווע)ן — טרוו. בּוטלע(ווע) אויס,
~געבּוטלע(ווע)ט. צעגיסן (ודײַן, עוועז.
עד אע)
אין בּוטלעס פֿלעשער. אויך: ~בּיט

אויסבּו'טשערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געבּוטשערט. אַמ. 1. צעהאַקן פֿלייש; בּאַפֿרײַען
פֿון בּיינער. 2. צעבּוטשערן; צעשנײַדן;
שטאַרק צעקלאַפּן. „שטאַרקע זײַנען בּאַפֿאַלן
און האָבּן אים אויסגעבּוטשערט, אַז מען האָט
געמוזט אים נעמען אין שפּיטאָל אַרײַן„.
אויסבּויאַנע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־נע(ווע)
זיך אויס, זיך ~געבּיאַנע(ווע)ט. סל. זיך

אויסלעבן דורך ווילדער אויפֿפֿירונג,
שלעגערײַ (און שטיל ווערן). זיך א, ווי נאָוואָבראַנצעס.
אויסבויטען — טרוו. ־טע אויס, ~געבויטעט.
אוקר. אויסמישן מיט אַ לעפֿל, מיט אַן אַנדער
מכשיר אָדער דורך טרייסלען. א, די
זויערמילך מיט דער סמעטענע.
אויסבויכן — טרוו. בויך אויס, ~געבויכט.
מאַכן אַ בויך, מאַכן אַרויסשטאַרצן, מאַכן
בולט, רעליעף.
אויסבויכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אויסקרימען זיך, ווערן קײַלעכדיק אַזוי ווי מיט אַ
בויך. „אונטער דער זון האָבן זיך די העלצער
אויסגעבויכט“. 2. ווערן טראָגעדיק (אומאיידל).
אויסבוימלען טרוו. ־מל אויס, ~
געבוימלט. אַרײַנגעבן אייל אין מאַשין (ווילנע).
אויסבויען — טרוו. בוי אויס, בויען אויס,
~געבויט. 1. פֿאַרענדיקן בויען; אויפֿשטעלן
אַ בנין, אַ געבײַ. „און אַז וואול אַז מן דאַז
(בית־המקדש) האָט אָן גיהויבן צו בויאן און
האָבן ניט טאָרן אויז בויאן...“, לט1, 2/16.

אויסבויער

„חכמה האָט אויס גבויאט איר הויז, האָטסיך

אירע זיבן זײַלן אָפּ גטעסוט“, מס, משלי תּקע״ד, ט, 1. „און [דער מלך] האָט אויס גבויעט פּאַלאַצן פֿון אירעט וועגן“, נחב.
2. אויפֿשטעלן אַ סך בּנינים. ייִדן האָבּן אויסגעבּויט פּתום און רעמסס. „שלעפּט נעבּעך ציגל און ליים...מיט בּלוט און מיט שווייס, וואָס דערפֿון האָט מען שוין אויסגעבּויט גאַנצע שטעט“, ממוס, קליאַטשע. 3. אויפֿשטעלן, אײַנשטעלן. „יעדע נאַכט מוז מען אין דער גיך...א, צו די צוויי נאָך פֿיר בּעטן“, אר, ,דער קוש'. 4. מאַכן געוויע פּלענער; אויספּלאַנירן. אין דער מחשבֿה האָט ער אַלץ אויסגעבּויט. „אַ וועלט פֿון גליק און ליבּע פֿלעגסטו דעמאָלט זיך א'“, אר, 'מײַן צוריקקער אַהיים“.
5. אַנטוויקלען. א, אונדזער קולטור. א, די אינדוסטריע פֿון לאַנד.

אויסבּויער — דער, ־ס. ווער עס בּויט אויס; דער וואָס זײַן בּאַשעפֿטיקונג איז אויסצובּויען לויט אַן אָפּמאַך.

אויסבּויערן — טרוו. ־ער אויס, ~געבּויערט. מאַכן אַן עפֿענונג, אַ לאָך מיט אַ בּויער; בּויערן אַ צאָל זאַכן. פֿיג: א, אַ לאָך אין האַרץ.

אויסבּויקערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געבּויקערט. אויסבּוכטשען, אויסבּוכצען,

אויסקלאַפּן מיט די פֿויסטן. „האָט ער אים גוט אויסגעבויקערט, געבוכצעט מיט די פֿויסטן און אַראָפּגעכאַפּט פֿון אים דאָס היטל,,, אַש, גראָסמאַן און זון.

אויסבוכן — טרוו. בוך אויס, ~געבוכט. פֿאַרשרייַבן אין ביכער אַלע בוכהאַלטערישע אָפּעראַציעס.

אויסבוכען — טרוו. ־כע אויס, ~געבוכעט. 1. אַרויספּלאַצן, אַרויסשיסן מיט עפּעס. א אַ

,

סוד. 2. שטאַרק אויסקלאַפּן, דערלאַנגען אַ סך קלעפּ. אויך אוטוו — א, מיט (אין) אַ געוויין.

אויסבוכצען, ~בוכקען — טרוו. ־צע, ־קע אויס; ~געבוכצעט, ~בוכקעט. געבן איינעם אַ סך קלעפּ, בוכקעס, בוכצעס; געבן קלעפּ אַ גרופּע.

אויסבוכשטאַבירן — טרוו. ־ביר אויס, ~(גע)בוכשטאַבירט. 1. זאָגן דעם אותיותבאַשטאַנד פֿון וואָרט, אות נאָך אות. 2. לייענען גאָר פּאַמעלעך נאָך די באַזונדערע אותיות.

אויסבולבע(נע)ן — ־בע אויס, ~געבולבעט. אוטוו — אַרויפֿקומען אין בלעזלעך. „דאָס

קאָכעדיקע וואַסער האָט אויסגעבּובלבּעט“. טרוו —
1. אַרויסלאָזן בּלעזלעך פֿון (גאַנצן אָנגרייט)
זייפֿוואַסער. 2. דזוו אויסבּאָלבּען ←. 3. איר:
אויסבּילדן.

אויסבּ□לטונג — [...בּוי'לעטונ□] די, ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבּוֹלטן ←.
„רײַך מיט דער אויסבּוֹלטונג פֿון קאָנטראַסטן“,
בּרידער גאָרדין, 1914.

אויסבּ□לטן — [...בּוי'לעטן] טרוו. בּוֹלט
אויס, ~געבּוֹלט. מאַכן מער
אַרויסשטאַרצנדיק, אָנזעעוודיק, קל□אָר, פּראָמינענט.
„...און
האָט מער געהאָלפֿן א, איר שאָטן“, אַש.
אויסבּומען — בּום אויס, ~געבּומט. אוטוו
— אויסדונערן. טרוו — 1. שטאַרק

לויבּן, פּאָפּולער מאַכן; פֿירן אַ קאַמפּאַניע
לטובֿת אַ קאַנדידאַט. אמ. “די פּאַרטיי האָט
אויסגעבּומט אירע קאַנדידאַטן„.
אויסבּומען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַמ.
אויפֿהערן זײַן אַ ,בּום', צײַט פֿון גרויסע

פֿאַרדינסטן. „געשעפֿט איז שטאַרק געשלאָגן, מיאוס! דער ריִעל־עסטייט־בום האָט זיך שוין אויסגעבומט“, הר, ליים.

אויסבונד — דער, מצ ־ן. 1. רעזולטאַט פֿון אויסבינדן. 2. מוסטער, מאָדעל — געוויינטלעך אין נעגאַטיוון זינען, אויסוואָרף. „ער איז אַן אויסבונד פֿון שלעכטס“. 3. אַרכ. ← דוווו. „לקצר ער איזט איין רעכטיר אויז בונט פֿון איין פֿרוימן יהודי גיוועזין וויא זיין פֿאטיר אונ, ברידר אַך גיוועזין זיין“, גה 69.

אויסבונד, ~בונט — אַדי. אַרכ. אויסערגעוויינטלעך. יחיד־במינודיק. „...און דיא איך עצמי קען דאָש עש אויז בונטי פֿרומי לײַט זײַנין“, גה, 126.

אויסבונטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~ געבונטעוועט. אָנרעדן, אויפֿהעצן צו בונטעווען. א, די אַרבעטער. מיט ז י ך — אוטוו. בונטעווען זיך און אויפֿהערן.

אויסבוצקען, ~בוטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~געבוצקעט, ~בוטשקעט. דערלאַנגען איינעם אַ סך קלעפּ, בוכצעס, בוצקעס; געבן קלעפּ אַ גרופּע. מיט ז י ך — קזוו 1. זיך ראַנגלען און אויפֿהערן. 2. זיך צונויפֿשטויסן אין אַ וויכּוח און קומען צו אַ

רעזולטאַט.
אויסבורבלען — טרוו. ־בל אויס, ~
געבורבלט. לר, קורלאַנד. <▯▯▯:burbl▯ti>.
אַרויסברענגען שטילע, קורצע ווערטער; עפּעס זאָגן
אָפּגעריסן, אומקלאָר. א, אַ פּאָר ווערטער. א,
דעם גאַנצן דאַוונען אין צען מינוט. א, אונטער
זיך.
אויסבורטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געבורטשעט. 1. אַרויסזאָגן עפּעס אומקלאָר,
שטיל, מיט הפּסקות. 2. זאָגן מיט אַן
אומצופֿרידענעם טאָן, ווי אָן ווילן. 3. אויפֿדעקן
אַ סוד בלא־יודעים. וואָלין.
אויסבורען — טרוו. ־רע אויס, ~געבורעט.
העצן איינעם אַ לענגערע צײַט; העצן אַ גרופּע.
אויסבוררן — [...בוי'רערן] טרוו. בורר
אויס, ~געבוררט. דורכפֿירן די אַרבעט פֿון
אַן אַרביטער, בײַ אַ צאָל ענינים, קאָנפֿליקטן.
אויסבושעווען (זיך) — אוטוו. ־שעווע (זיך)
אויס, (זיך) ~געבושעוועט. שטורעמען און
אויפֿהערן. „דער פּרא־אָדם...בושעוועט זיך אויס
אין קריג מיט בעלי־בתּים“, חג, ישיבֿה.
אויסבהורן — [...באָ'כערן] טרוו. בחור אויס,
~געבחורט. אויספּוצן ווי עס פּאַסט פֿאַר
אַ בחור; דערמוטיקן מע זאָל זיך אויפֿפֿירן ווי

אַ בחור. מיט ז י ך. = זיך אויספּוצן; מאַכן
אַן אָנשטעל פֿון מעשׂה בחור.
אויסבטלען — [...באַטלען] טרוו. בטל אויס,
~געבטלט. 1. מאַכן צו נישט, בטל מאַכן,
אַנולירן. [שלעכטע חלומות האָט מען געוואָלט
בטל מאַכן דורך אויסלייגן זיי צום גוטן, הטבֿת
חלום, אָדער דורך אַריבערשיקן זיי אויף די
שׂונאימס קעפּ. אויפֿן סמך פֿון שמואל ב, ג,
29: ‏□י□Iלו על ראָש יואבֿ']. אויסבטלען חלומות
',

-

אויסבייגונג

— זיי אַריבערשיקן אויפֿן קאָפּ פֿון אַ שׂונא.
2. באַפֿרײַען זיך פֿון אַן אינעווייניקסט
דריקעניש דורך שרײַען און זידלען. *א, די צרות.
*א, די (אַלע, בייזע) חלומות = אַרויסברענגען
וואָס שרעקט אָדער דריקט דורך (בייזע) רייד,
געשרייען. ,,בטלט צו אים גימפּל אויס אַלע זײַנע

חלומות, מאַכט אים גלײַך מיט דער בלאָטע“, ממוס. 3. אויסרייניקן. אויסבּטלען חמץ.

אויסבּיגלען — טרוו. בּיגל אויס, ~געבּיגלט. דטשמ. אויספּרעסן, אויספּלעטן (פאַרשפּרייט אין די שעפּער אין אַמ. 'א, אַ דרעס).

אויסבּיטן — טרוו. בּיט אויס, ~געבּיטן (אויך: ~געבּיט). פּר, אוקר. 1. דזוו אויסבּאָטן. 2. אויסבּעטן. „דאָש קעמל האָט וואָלין הערנר אויש בּיטן, האָט מן אים די אָרין אָפּ גשניטן“, עיון, 2/20. „דו זאָלסט אָננעמען דאָס געבּעט פֿון די סליחות...מיר זאָלן מיט זיי בּײַ דיר א, סליחה און מחילה און כּפּרה אויף אַלע אונדזערע בּייזע מעשׂים„, נײַע שס תּחינה, פּיעטריקאָוו, 1881. 3. אָנבּאָטן, פֿאָרלייגן. „ער וועט קיין שום אויס לייז געלט נישט אָן נעמן, ער וויל דיר גאָר נישט קיין שוחד אויס בּיטן„, מס, משלי, ו, 35. 4. אויסדריקן פֿאַרלאַנג, בּאַגער פֿאַרוועלעניש (געוויינטלעך מיט

ז י ך). א, זיך אַ געשמאַקן בּיסן. „א, זיך אַ שטיקל הערינג...זאָל אים פּרוּוון איצטער אָנשמעקן אַ שטיקל הערינג, כאָטש אַ קעפּל... וואָלט זי אים געענטפֿערט: 'אין אַ שלעכטער צײַט זיך נאָך א'!'... און כאָטש מישטיינס

געזאָגט דאָס גאַנצע א'„, ווײַס II, 'דער
איבערגאַנג'. *א, זיך דאָס טעלערל פֿון הימל.
5 פֿאַרזאָרגן, אויסשטאַטן, פֿאַרשלייערן;
צו.
שטיין מע זאָל נעמען. *א, אַ טאָכטער ווי
זויערמילך (זויערביר) = טאָן אַ געמיינעם שידוך.
6. (מיט זיך) ברענגען אויף זיך,
אַרויסרופֿן אויף זיך. א, זיך צרות, אַן אָנשיקעניש.
„גאַנץ געטוי קען מען נאָך נישט וויסן וואָס זי
ביט זיך אויס“, קמ, 1865, No l0. *א, זיך אַ
(דעם אמתן) גוט־יום־טובֿ = ברענגען
דערצו מע זאָל באַפֿאַלן מיט בייזע רייד, זלזולים;
זײַן אַליין שולדיק אין אַ ביטער באַגעגעניש.
איר.
אויסביטן זיך — אוטוו. ← דפּוו. דזוו
אויסבאָטן זיך ←.
אויסביטשעווען — טרוו. ־טשעווע אויס,
~געביטשעוועט. (ביים שפּילן אין ניס)
אַרויסשלאָגן מיט אַ רעסל (אָדער מיט אַ נוס) אַ נוס
וואָס ליגט אין אַ גריבל. קונציק א, אַ נוס
נאָך אַ נוס.
אויסבייג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסבייגן. גיכער א'. 2. רעזולטאַט פֿון
אויסבייגן; בויגן וואָס שאַפֿט זיך, ווען אַ גלײַכע

ליניע ווערט אויסגעקרומט. „איך זע מײַן
לעבן הײַנט אין פֿולן א, פֿון אַ קרײַז“, הל.
3. דריי, קרומקייט פֿון אַ וועג. „מע טאָר
ניט פֿאָרן גיך אויף אַ וועג מיט אַ סך א'ן“.
4. אויסגעבויגנקייט פֿון ערדפֿלאַך. „ס'איז ניט
קיין באַרג און ניט קיין א, פֿון אַ לאַנד, ס'איז
נאָר אַ שטויבל וואָס גאָטס פֿינגער האָט
פֿאַרלאָרן“, הל. 5. גרייס פֿון אַ בויגן (געמאָסטן
אין גראַדן). א, פֿון 900.

אויסבייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסבייגן.

אויסבייגלען

אויסבייגלען — טרוו. בייגל אויס, ~
געבייגלט. לאָקל (קאָלאָמיי). אויספּרעסן מיט
אַ פּרעסל, אויספּלעטן.

אויסבייגן — טרוו. בייג אויס, ~געבויגן.
1. בייגן אין אַ זײַט (אַרויף, אַראָפּ, רעכטס,
לינקס). „די מאַמע [־קו] בייגט אויס דעם קאָפּ
צו דעם קינד, לעקט עס, לעקט“, ממוס, ספֿר
הבהמות. 2. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי אַ
בויגן, מאַכן עפּעס קרום. „זע, בייג ניט אויס
דעם טשוואָק“. 3. מאַכן גלײַך וואָס איז

געוועג קרום. א, אַ קרומען טשוואָק. 4. מאַכן פֿאַלדן (שנײַדעריש).

אויסבייגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן קרום פֿון זיך, אָן אַ זײַטיקן כּוח. „דער רוקן בייגט זיך אויס אויף דער עלטער„. „...דאָס האָלץ זאָל זיך נישט א', אויסדרייען“, בער.

אויסבייזערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אויס, זיך ~געבייזערט. 1. אויסשרײַען זיך, אויסלאָזן דעם כּעס. א, זיך אויף עמעצן. 2. אויפֿהערן צו בייזערן זיך, אײַנשטילן זיך. “ער האָט זיך אויסגעבייזערט און עס איז אים לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן“. „...האָבן נאָר געוואַרט, אַז ער זאָל זיך גוט אויסשרײַען און זיך גוט א,“, ייִט, טאָג, 8 II 1958.

אויסבייט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון געבן

-

איין זאַך און קריגן דערפֿאַר אַן אַנדער זאַך. א, פֿון סחורה. גיכער א.. 2. רעזולטאַט פֿון חילוף, פֿון אויסבײַטן. אַ לויניקער א,. 3. דאָס טיילן זיך מיט געדאַנקען, אידייען, פּלענער. „אין אונדזער קרײַז איז אַלעמאָל אַ לעבעדיקער א'“. געדאַנקען־א'; מיינונג(ען)־א'. 4. וואַלוטע, קורס. „וויפֿל איז הײַנט דער א'?“ = וויפֿל מאַרקן (זלאָטעס) גיט מען פֿאַרן

דאָלאַר? (בײַ וואַלוטע־הענדלערס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה).
אויסבײַטונג — די, מצ ־ען. 1. פּראָצעס,
--
אַרבעט פֿון חילוף, פֿון איבערבײַטן איינס אויף אַ צווייטס. 2. דאָס אַרײַנגעקומענע ווי אַ רע זולטאַט פֿון אויסבײַטן.
אויסבײַטלען 1 — טרוו. ־טל אויס, ~ געבײַטלט. 1. אַרויסקריגן עפּעס פֿון יענעמס בײַטל; צונעמען, אויסנאַרן פֿאַרמעגן, בדלות שטעלן. „די אומערלעכע שותּפֿים האָבן אים אויסגעבײַטלט“. „דעם רבינס ייִנגל האָט בײַ אונדז אויסגעבײַטלט דעם לעצטן גראָשן בײַ דער נשמה“, ייִל, פּוילישע ייִנגל. 2. אַרויסנעמען אַליין וואָס מע האָט אין בײַטל.
3. אויסבטלען, בב 1־2. [איבערן אַרויסריידן ײַ ווי אַ איז פֿאָרגעקומען דער צונויפֿמיש מיט אויסבטלען, וואָס איז צום טייל אַריבער אויך פֿון פּד אין אַנדערע]. א, צו זײַן קאָפּ, צו זײַן לייַב און לעבן. „פֿאַר אַזאַ זאַך נעמט אַ פֿאָטער און...שענקט אַ פּאָר פעטש, אָדער ער בײַטלט אויס אַלע וויסטע חלומות“, שע, טביה. „און די בעל־הביתטע האָט ערשט אָנגעהויבן אויסצובײַטלען: צו מײַנע שונאימס קעפּ..„, ווײַס,

'בערל און שמערל'. ,,נאָך איידער זי האָט
אים רעכט אָנגעקוקט...[האָט זי] אָנגעהויבן
אויסצובײַטלען: טפֿו זאָל ער ווערן!", ווײַס,
'דער איבערגאַנג'. ,,עס האָבן איר שוין קיין
צרות ניט געפֿעלט! כ'האָב אויסגעבײַטלט צו
איר קאָפּ, צו איר לײַב און לעבן", אָפּאַ, 'פֿון

151

ניו־יאָרקער געטאָ'. 4. אויסשיטן, אויסגיסן
קללות. א, אַלע קללות פֿון דער תּוכחה אויף
זײַן קאָפּ.
אויסבייטלען 11 — טרוו. ־טל אויס, ~

געבײַטלט. 1. אויסזיפּן מעל נאָכן מאָלן.
2. אויספֿאָרשן, זיך גוט נאָכפֿרעגן. ,,נעם
ניט אָן אַלץ וואָס ער זאָגט, מע דאַרף עס נאָך
א',,, רייד.
אויסבײַטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויסגעבן דעם לעצטן גראָשן, פֿאַרשווענדן
דאָס לעצטע געלט. זיך א, ביז אַרונטער. "אַ
פֿאַבריק אַז מע בויט, האַלט מען די ערשטע
יאָרן אין איין א, זיך", בערג, בײַם דניעפּער II.
2. אויסשעפּן זיך גײַסטיק, אַרויסגעבן פֿון

זיך אַלץ וואָס מע האָט געקאָנט (אַלע אידייען, פּלענער). זיך א, און ניט האָבן מער וואָס צו זאָגן.
אויסבּייטן — טרוו. בּייט אויס, ~געבּייט.
לאָקל (קיידאַן, ליטע). מאַכן בּייטן. „דער גערטענירער האָט אויסגעבּייט דעם גאַנצן גאָרטן„..
אויסבּייטן — טרוו. בּײַט אויס, ~געבּיטן.
-
1. געבּן איין זאַך און קריגן פֿאַר דעם אַן אַנדער זאַך פֿון דעם זעלבּיקן מין. „מעגסט שוין דײַן זייגער אויסבּײַטן אויף אַ נײַעם. אַוודאי, וואָס דען. אַז מע פֿאַרלאָזט זיך אויף

-

זײַן ציבּעלע‟, יר. „...מײַן נסיעה קיין גלופּסק צו א, דאָרט אַלטע ספֿרים אויף נײַע‟, ממוס, „דער חילוף'. 2. געבּן איין זאַך און קריגן פֿאַר דעם אַן אַנדער זאַך פֿון אַן אַנדער מין; האַנדלען דורך דעם וואָס מע גיט אָפּ איין מין סחורה און מע נעמט דערפֿאַר אַן אַנדער מין סחורה. „אַ קלייד פֿון אַן עכּו‟ם וואָס ליגט

במשכּון בּ אַ ישׂראל מאָג עס אים א, אויף
י

אַן אַנדער משכּון אוס שבּת“, לט2, 2/68.
“ווערן אַלע טראָפּנס רעגן אויף בּריליאַנטן
אויסגעבּיטן“, יהואָש, זון און נעבּל. „בּיז
וואַנען איך און דו וועלן גאָר דעם לעבּנס
אוצרות...א, אויף רו„, סוצ, ייִדישע גאַס.
„גאולה האָט מען אויסגעבּיטן פֿאַר אַ
פּוטערבּולקע“, שטריגלער.
3. אָפּגעבּן עפּעס (רעכט, פּאָזיציע, השפּעה
אע) און קריגן פֿאַר דעם עפּעס מער־ווייניק
פֿון גלײַכן ווערט. „מע בּײַט אויס צווישן זיך
די בּעלי־בּתּים, אָפּשאַצנדיק זייער ווערט לויט
די טעג... וואָס מען עסט בּײַ זיי“, ממוס, שלמה.
*א אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע = מאַכן אַ

׳

שלעכט געשעפֿט, אָפּגעבּן אַ גוטע זאַך און
קריגן אַ שלעכטע. *א, אַ שלורע אויף אַ
לאַפּטשע = בּײַטן איין זאַך אָן אַ ווערט אויף
אַ צווייטער אָן אַ ווערט; קיין זאַך ניט
אויפֿטאָן. *א, שופֿרות אויף קאַנע־בּיינדלעך =
אָפּגעבּן ווערטפֿולס פֿאַר אַ נישטיקייט. *א,
א פֿאַראַיאָריקן לוח אויף אַן אָפּגעשמיסענער
הושענא = קיין זאַך ניט אַרויסקריגן פֿון

האַנדלען.

4. אָפּגעבן עפּעס פֿאַר אַ קאָמפּענסאַציע, אַ פֿאַרגיטיקונג; *א אַ הוסט אויף קדחת = אָפּ,

געבן אַ שלעכטע זאַך און קריגן נאָך אַן ערגערע. *א, אַ קרענק אויף אַ הוסט = קיין זאַך ניט געניסן פֿון אויסבײַטן.

5. אויפֿהערן האָבן צו טאָן מיט איין

אויסבײַנדלען

מענטשן און זיך פֿאַרבינדן מיט אַ צווייטן. „א, אַ נאַר אויף אַ נאַר און צוצאָלן אַ גילדערן רענדל‟, שוו. „זי האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן ווי וואָלף ציטערט איבער די פּאָר סענט און זי האָט אים משלח געווען, אויסגעביטן אויף אייבין‟, אָפּאַ, טענצערין. *א, אַ שוחט אויף אַ שינדער = אָפּזאָגן זיך אָדער אַוועקגיין פֿון אַ גוטן מענטשן און זיך פֿאַרבינדן (חתונה האָבן)

מיט אַ שלעכטן.
6. אָפּגעבן אַ גרעסערע מטבע און קריגן קלענערע וואָס האָבן אינאײנעם דעם זעלביקן ווערט; אָפּגעבן פּאַפּירגעלט צו קריגן מעטאַלענע מטבעות, אָדער אַ מטבע פֿאַר עפּעס און דעם רעשט אין קלײנגעלט. „בײַט מיר אויס אַ פֿינף־און־צוואַנציקער אויף סאַמעראָדנע דרײַערס“ פּל. „דאָס רענדל מעג זײַן נאָך

-

,
אַזוי רויט, מוז מען עס אויסבײַטן פֿאַר אַ ברויט“, שוו. *א, פֿאַלשע סיגנאַציעס אויף געגנבֿעטע פֿערד = ווען ביידע צדדים האָבן אָפּגענאַרט. *א, דאָס רענדל = זיך שמדן. „ער האָט נישט אויסגעביטן דאָס רענדל, ווײַטער [אין אַלע אַנדערע פּרטים] איז ער אין אַלץ אַ גוי“, פֿוול. „אַבי זיי זענען געבליבן בײַ דעם עיקר און האָבן, ווי דער עולם זאָגט, דאָס רענדל ניט אויסגעביטן“, קמ, 1864, No 31. *א, דאָס זיבעטע (אַכטע) צענערל = ווערן זיבעציק (אַכציק) יאָר. *ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצובײַטן = ניטאָ מיט וועמען צו שמועסן

(וועגן אַ וויכטיקן ענין).

אויסבײַטן זיך — קזוו. ← דפֿוו. עפּעס בײַטן

--

קעגנאַנאַנדיק, איינער מיטן צווייטן. „זיי האָבן זיך אויסגעביטן מיט די ערטער". "עס ווערט צוגעצויגן חיות צום שטיין דורך...אותיות וועלכע בײַטן זיך אויס", תּניא, 316.

אויסבײַטשלען — טרוו. ־טשל אויס, ~ געַ־

בײַטשלט. 1. שלאָגן מיט אַ בײַטש. 2. איראָניש וועגן אויסבײַטן. 3. שטאַרק אויסריידן, גוט אויסמוסרן. „איך האָב אים געגעבן דעם אמתן פּסק, גוט אויסגעבײַטשלט". 4 פֿאַרקויפֿן אַ גנבֿה. „אויסבײַטשלען אַ גע.

גנבֿעט פֿערד", שע, מאָשקעלע גנבֿ.

אויסבײַטשן — טרוו בײַטש אויס, ~ גע־־

בײַטשט. 1. שטאַרק שלאַגן מיט אַ בײַטש. 2. שטאַרק אויסרעדן, אויסמוסרן.

אויסבײַכ(יק)ן — טרוו. בײַכ(יק) אויס,

~געבײַכ(יק)ט. דזוו אויסבויכן ←. אויך מיט ז י ך.

אויסבייכלען — טרוו. ־כל אויס, ~געבײַכלט.
-
1. מאַכן אויסזען בײַכלדיק. 2. מאַכן טראָגעדיק (אומאיידל). א, זיך = א) ווערן טראָגעדיק; בּ) אַ סך זיך אָנעסן און זיך אָנטרינקען.
אויסביילן — ← אויסבעילן.
אויסביילן — טרוו. בײַל אויס, ~געבײַלט.
-
1. אויסהאמערן (אַן אויסבייג אין אַ בלעך, אַ בולטע פֿיגור). 2. מאַכן עמעצן אַ בײַל. א, אים דעם קאָפּ.
אויסביימלען — טרוו. ־מל אויס, ~ געביימלט. באַפֿלאַנצן מיט ביימלעך. א,ביידע זײַטן גאַס.
אויסביינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~ געביינדלט. 1. אַרויסנעמען קערנער (פֿון

פֿאַראויסבייניקן

שיידענע פֿרוכטן); א, פֿלוימען, קאַרשן.
2. אַרויסנעמען קליינע ביינדלעך פֿון פֿיש.
אויסבייניקן — טרוו. ־יק אויס, ~געבייניקט.
נעאָל. (נר). אויסבויען, אויספֿלאַסטערן פֿוו

בײַן פֿאַר אײניקלעך אַן אינדזל אויסגעבײ. „ניקט“, טקאַטש, 1952.

אויסבײנען — טרוו. בײן אויס, ~געבײנט. פּר. גאַליציע, װאָלין. דזוו אויסבײנערן ←.

אויסבײנערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געבײנערט. אַרויסנעמען ד ביינער פֿון פֿלייש אָדער פֿון פֿיש (בײַם פֿאַרקויפֿן אָדער בײַם עסן).

אויסבײַס — דער, מצ ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבײַסן עפּעס מיט די ציין אָדער וואָס זעט אויס אַזוי ווי מע וואָלט עס אויסגעביסן. 2. פֿאַרטיפֿונג אין אַ ברעט בײַם הובלען; אויסברענונג אין האָלץ.

אויסבײַסונג — די, מצ ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבײַסן.

אויסבײסטן — טרוו. בײסט אויס, ~ געבײסט. אַמ. אויססטריגעווען.

אויסבײַסן — טרוו. בײַס אויס, ~געביסן. 1. אויסעסן אַ לאָך אָדער אַ פֿאַרטיפֿונג אין עפּעס, אויסגריזשען מיט די ציין. „די מײַז האָבן אויסגעביסן דעם קעז“. *די ברויכט קיין שטיל מער א, [=דאַרף ניט אָפּבײַסן, אײַנבײַסן א פּיטום פֿון אַן אתרוג, וו אַ סגולה צו ווערן
י

שוואַנגער, דה עס וועט איר ניט העלפֿן, זי קען
ניט מער שוואַנגערן. וועגן אַ מיידל וואָס האָט
אַלט חתונה], מיי., טענדלאַו, 568. 2. מאַכן
לעכלעך, פֿאַרטיפֿונגען, שאָרסטיקייטן דורך
אַ שאַרפֿן אינסטרומענט, דורך אַ זײַערקייט
אָדער אַנדערע מיטלען. „זע אַז די פֿליסיקייט
זאָל ניט א, דעם טעפּעך". 3. עפּעס טאָן וואָס
זאָל מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אויסעסן,
אויסגריזשען. „די קעלט רײַסט, צופּט, בײַסט אויס
שטיקער פֿון לייַבֿ". „גייט אַ רויך...בײַסט
אים ד אַלטע אויגן אויס", פּרץ, 'אויך אַ קרבן'.
י

4. דורך פֿאַלשע מיטלען דערגרייכן אַז
עמעצער זאָל אַוועק פֿון אַ פֿאַראיין, אַ גרופּע. א,
עמעצן פֿון אַ חבֿרה, אַ צעך. 5. שלעכט
הובלען (סטאָליערײַ). 6. א, אַ קינד = עס
צעקושן.
אויסבײַסעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. דזוו
אויסבײַס, אויסבײַסונג. 2. בײַסונג, אויסשלאָג
אויף דער הויט וואָס רופֿט אַרויס אַ פֿאַרלאַנג
צו קראַצן.

אויסבײַסעניש — דאָס, ־ן. אויסבײַסונג.
אויך: וואָס זעט אויס ווי אַ רעזולטאַט פֿון
אויסבײַסן. „נאָך די פּאָקן איז אים געבליבן
אַן א, איבערן גאַנצן פּנים“.
אויסבייצן — טרוו. בייץ אויס, ~געבייצט.
אָפּפֿאַרבן האָלץ מיט ערשטער (ברוינלעכער)
פֿאַרב. א, דאָס מעבל.
אויסבייקערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געבייקערט. אויך: ~בייקען (פּאַד. קיִעווער ג').
שטאַרק אָנקלאַפּן די ביינער (איינעם אָדער
אַ גרופּע).
אויסבילדונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסבילדן. 2. לערנונג,
אויסשולונג, אַנטוויקלונג אין קענטענישן.
באַקומען אַ גוטע א'. „די מלמדים...זענען
געווען די וואַרע מאַרטירער פֿאַר דער ייִדישער
א„„ אדז, קמ, 1870 41, No.

152

אויסבילדן 1 — טרוו. בילד אויס, (ער)
בילדעט אויס; ~געבילדעט. 1. אַנטוויקלען,
פֿאָרמירן, קולטיווירן, בעסערן. מיט ז י ך:
„אין דער יוגנט האָט דער מענטש פֿעאיקייט

זיך צו עפּעס אַ שטאַנד אויסצובּילדן", קמ, 1866, No 10. ,,...האָבּ איך מיר פֿירגענומען צו דערציִען...א, אַזוי אַז ער זאָל טויגן צום לעבּן פֿון אַ וועלט מענטשן", ממוס, 'אַ גרויע האָר'. 2. דערפֿירן צו אַ קולטורעלער מדרגה. ,,דאָס פּובּליקום קען מען גיכער א', מע קען גיכער שאַפֿן אַ גוט פּובּליקום ווי אַ גוט טעאַטער", מוק, מײַנע בּאַגעגענישן 3 .II. לערנען, מחנך זײַן, דערציִען, אַנטוויקלען קענטענישן אין אַ ספּעציעלן פֿאַך. א, אַ גוטן טעכניקער.

אויסבּילדן 11 — טרוו. (ער) בּילדט אויס, ~געבּילדט. אַמ. אויסבּויען. א, אַ גאַנצע גאַס מיט נײַע בּילדינגס [= בּנינים].

אויסבּילדן זיך — אוטוו. (ער) בּילדעט זיך אויס, זיך ~געבּילדעט. זיך אויספֿורעמען, זיך שאַפֿן. ,,פֿון זיי וועט זיך א, אַ פֿאָלק פֿון ערדאַרבּעטער", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. "אין גאַס האָט זיך שוין אויסגעבּילדעט די בּאַוואוסטע אָסיענדיקע בּלאָטע", אר, 'אַבֿרהם דער שוסטער'.

אויסבּילדעכץ — דאָס, ־ן (־ער). איראָניש וועגן אויסבּילדונג.

אויסבּילדערן — טרוו. ־ער אויס, ~

געבילדערט. נעאָל. אויסדריקן, אויסמאָלן דורך (אַ) בילד(ער). „ניטאָ אַזאַ פֿאַרב דעם טרויער אויסצובילדערן“, א. ניסענזאָן, דאָס לעבן ינגט..., 1943.
אויסבילכערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געבילכערט. אויסקאָמבינירן, מאַכן עס זאָל זיך בעסער לוינען. “איידער דו שנײַדסט צו דעם גאַרניטער, בילכער אויס עס זאָל בלײַבן אויף אַ היטעלע פֿון דעם זעלביקן שטאָף“, רייד.
אויסבילן — טרוו. ביל אויס, ~געבילט (עלטערע פֿאָרעם ~געבולן). אויסשרײַען כּעס אָדער ווייטיק דורך קלאַנגען ענלעכע צום בילן. „אויסגעבולן — און ווידער הונט„, פֿוול [= אַ בייזער מענטש בלײַבט אַ שלעכטער אויך נאָכן שרײַען, זידלען]. „מצרים־הינט בילן אויס כּל הווילדקייטן“, צײַט, 'צען אויף אַ באַרג'. *א, די גאַל = מיט בייזע ווערטער אויסדריקן (שלעכטע) געפֿילן. „,...זײַנע לײַט בילן אויס די גאַל אויף ייִדן און ייִדנטום“, ייִפֿאָל, 20 1885, No. אויך אוטוו — אַ ביל טאָן.
אויסבילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. בילן ביז מער ניט קענען; פֿאַרענדיקן בילן. „אַז דער הונט האָט זיך אויסגעבילט הערט ער אַליין אויף“, שוו. 2. זיך אויסזידלען, יך

אויסשרײַען.

אויסבילקעווען זיך — אוטוו. ־עווע זיך אויס, זיך ~געבילקעוועט. איר וועגן זיך

אויסבילדן◌ל — טרוו ־בל אויס, ~ געען .

אויך: ~בילצעווען זיך.

אויסבימב

בימבלט. אַרויסברענגען אַ ניגון, אַ מעלאָדיע דורך די קלאַנגען בים־באָם.

אויסבינד — דער, ־ן. רעזולטאַט פֿון יעדער מין אויסבינדן; שלייף, קנופּ.

אויסבינדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבינדן.

אויסבכיהן

אויסבינדן — טרוו. בינד אויס, ~געבונדן (מיט ב3 אויך ~געבינדט). 1. פֿאַרבינדן אַלץ וואָס מע דאַרף פֿאַרענדיקן בינדן. א אַלע

' '

הינער און זיי אַוועקטראָגן צום שוחט. "די גאַנצע וועלט איז משוגע, נאָר עס איז ניטאָ אָזוי פֿיל שטריק זיי אויסצובינדן", י. מ. ליפּשיץ, קמ, 2 .27 1864, No. באַפֿרײַען פֿון

שטריק, עפֿענען וואָס איז געווען פֿאַרבונדן.
. מאַכן אַ קנופּ, אַ שלייף. א אַ קראַוואַט.

,

,,דאָס לעבן האָט זיך אויסגעבונדן אַ
קראַוואַט, זיך באַשפּריצט מיט קעלניש וואַסער און
איז אַוועק זען אַ טעאַטער־שטיק,,, נאַ פֿון
מענטש צו מענטש. 4. פֿון פֿאַרטיקע טיילן
צונויפֿשטעלן אַ מעבלשטיק (סטאָליערײַ,
וואָלין). 5. פֿעסט צונויפֿבינדן אַ צאָל
אויסגעזעצטע שורות. א, אַ גראַנקע (זעצערײַ).
אויסבינדן זיך — ← דפֿוו. אויך: אויסלייגן
זיך. דער באַנט(יק) בינדט זיך אויס ווי
צוגעשניטן.
אויסבינדעכץ — דאָס, ־ן (־ער). איר וועגן
אויסבינדונג, אויסבינדער, ב2.
אויסבינדער — דער, ־ס. 1. דער וואָס
בינדט אויס. 2 פֿאַרביקער באַנד פֿון זײַד

.

אָדער אַן אַנדער שטאָף, געטראָגן אַרום האַלדז
מיט אַ ספּעציעלן מין קנופּ פֿון פֿאָרנט; שניפּס,
קראַוואַט.
אויסבינטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
געבינטלט. 1. אײַנפּאַקן אין בינטלעך;

פֿאַרענדיקן אײַנטיילן אין פּעקלעך. 2. אַרויסנעמען פֿון בינטלעך; אָפּבינדן.
אויסביקטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געביקטשעט. לאָקל (בריסק). שאַרף און בולט אַרויסשטעלן אַ טייל פֿון קערפּער. [צו אַ קינד וואָס האָט אָנגעלענט זײַן קין אויפֿן ראַנד פֿון טיש] „וואָס האָסטו אויסגעביקטשעט די מאָרדע דײַנע?“; „ווען זי גייט, ביקטשעט זי אויס דעם אונטן“.
אויסביקעווען זיך — אוטוו. ־עווע זיך אויס, זיך ~געביקעוועט. ווערן ווי אַ ביק, אָקס, בול. אויספּאַשען זיך פֿעט ווערן. „ביקעוועסט זיך אויס, עסט און זויפֿסט אין שענקען, אין קרעטשמעס“, דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 2 XI 1957.
אויסבירבענען — טרוו. ־בע אויס, ~ געבירבעט. לר. 1. אויסוויינען. „די סקינד האָט אויסגעבירבעט אַ לעקעכל“. 2. אויסבורטשען. „וואָס בירבעסטו אויס? רייד ווי אַ מענטש,“.
אויסבירגערן — טרוו. ־גער אויס, ~ געבירגערט. 1. דורכפֿירן פּראָצעס פֿון מאַכן אויס בירגער. 2. אויסרײַסן, אויסוואָרצלען פֿון אַן אָר

אויסבּכבּודן — [...בּעקאָ'ווערן] טרוו. בּכבֿוד אויס, ~בּכבֿודט. האַלטן בּכבֿוד, אָפּגעבּן אַ סך כּבֿוד איינעם אָדער אַ גרופּע. „מיר האָבּן אים אויסבּכּבֿודט און אויסגעכאָוועט, אָבּער ער איז אַוועק פֿון אונדז זוכן כּבֿוד אַנדערשוואו“, רייד.

אויסבּכוהן — [...בּעקוי'עכן] טרוו. בּכּוח אויס, ~בּכּוחט. געבּן אַלע נייטיקע פֿולמאַכטן. „אַז איר וועט מיך אויסבּכּוחן, וועל איך גיין זיך משתּדל זײַן פֿאַר איַיך“, רייד.

אויסבּכיהן — [...בּע'כיען] טרוו. בּכיה [בּעכיע] אויס, ~געבּכיהט. אויסוויינען —

אויסבּכיהן זיך

מיט ביטול, שפּאָטיש; אויסקליאַנטשען, פּועלן עפּעס דורכן לאַנגן וויינען. “דאָס קינד האָט אויסגעבּכיהט אַ פּאָר צוקערקעלעך“, רייד.

אויסבּכיהן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסוויינען זיך; אויפֿהערן וויינען.

אויסבּלאָזן — טרוו. בּלאָז אויס, ~געבּלאָזן, ~געבּלאָזט (פּד). 1. אויסלעשן אַ פֿײַער; פֿאַרלעשן אַ ליכט (לאָמפּ) דורך בּלאָזן. „ער האָט אויסגעבּלאָזן דאָס ליכטל וואָס האָט

געפּלאַקערט איבערן קאָפּ פֿון אליהו הנבֿיאן,,,
ייִט, טאָג, 1959 ׳ 16. 2. אינגאַנצן
אַוועקבלאָזן שטויב, אַש כּדי אויפֿצובלאָזן דאָס פֿײַער,
ווי א, אַן אײַזן, אַ פּרעסל, אַ סאָמאָוואַר.
3. אויסרייניקן דורך בלאָזן, באַפֿרײַען פֿון
פֿאַרשטאָפּונג, ווי אויסבלאָזן אַ ליולקע, אַ
לעכל, אַ רערל. אויסרייניקן מיט דער הילף
פֿון ווינט. ,,ווער עס נעמט [אום שבת] די
תּבֿואה קעגן ווינט, אום זי אויסצובלאָזן, איז
חייבֿ משום בורר", הרבֿ א. ברנדא, הליכות
עולס, אונגוואַר 1864.
4. בלאָזן אין אַ מוזיקאַלישן
אינסטרומענט כּדי שפּעטער צו שפּילן בעסער,
ווי אויסבלאָזן אַ טרומייט, דעם שופֿר אאַ.
5. אויספֿײַפֿן אַ ניגון מיטן מויל אָדער
מיט אַ בלאָז־אינסטרומענט. ,,ער קען ניט
אויסבלאָזן די איינפֿאַכסטע מעלאָדיע,,. ,,נאַסע
שפּענדלעך אַ פּאָר קנאַקן, רייכערן, בלאָזן זיך
און דערנאָך אַ פֿלאַקער — בלאָזן אויס אַ
תּקיעה גדולה — פּוף־פּוף,,, ממוס, ווינטשפּ.
6. אויסקילן מיטן אָטעם, מיט פֿאָכען אין
דער לופֿט [צו אַ קינד וואָס האָט זיך אַ ביסל
אָפּגעברענט] ,,גיב דאָס הענטעלע, איך וועל עס
אויסבלאָזן,,. ,,מע זאָל דיר א, די מילך אין

שאָל“, רחל בּוימוואָל, ייִדישע קולטור, 1961, III. פּפֿ: אויסבּלאָזן ווי הייסע יויך, ווי אַ הייסן רעטשישניק.

7. אַרויסזאָגן, אַרויסבּרענגען (וואוויליונגעריש). „ווי זי הערט אַז כ'רעד אויס אַ וואָרט... האָט זי מורא, דער מאַן, דער גראָבער יונג, זאָל נישט א, עפּעס אַ נאַרישקייט“, אָפּאַ, □ יבּרו.

8. אויפֿבּלאָזן, מאַכן אַ גרויסן ווען פֿון עפּעס, עמעצן. „....האָבן זיך די לונגען גערירט און [אים] אויסגעבּלאָזן ווי אַ לונג־אונלעבּער, געמאַכט פֿון אים לכל־הפּחות אַ וויקטאָר הוגאָ„, פּרץ, ליטעראַטור און לעבּן.

*אויסבּלאָזן אַן איי = מאַכן אַ לעכעלע אין שאָלעכץ פֿון אַ רוי איי און אויסזויגן דאָס געלכל מיטן ווײַסל. *א, די זײַל = אויסהויכן די נשמה, שטאַרבּן (מיט בּיטול). „....אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, בּיז ער האָט די טרייפֿענע זײַל אויסגעבּלאָזן„, שארית י□tראל, [לבֿוב?].

אויסבּלאָזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. בּלאָזן אַזוי לאַנג בּיז מע שעפּט זיך אויס. דער ווינט האָט זיך אויסגעבּלאָזן און איצט איז שאַשטיל. 2. אַרויסלאָזן גאַזן, נפֿיחות. 3. ווערן דיק.

אויסבלאָטיקן — ־טיק אויס, ~געבלאָטיקט.
אויסשמירן מיט בלאָטע פֿון אַלע זײַטן.
אויסבלאַטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~געבלאַטעוועט. עפּעס אַרויסקריגן דורך
פֿאַלשקייט, שווי□דל.

153

אויסבלאָטערן — טרוו. ־טער אויס, ~
געבלאָטערט. באַדעקן מיט בלאָטערן. „דער ווינט
האָט אויסגעבלאָטערט זײַן פּנים“. אויך מיט
ז י ך. דאָס פּנים האָט זיך אויסגעבלאָטערט.
אויסבלאָמבירן — טרוו. ־ביר אויס, ~(גע)־
בלאָמבירט. אַרײַנלייגן אַלע נייטיקע
בלאָמבעס אין ציינער; אַרויפֿלייגן בלאָמבעס אויף
אַ צאָל זאַכן.
אויסבלאַמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~
בלאַמירט פֿאַרשעמען פֿאַר אַ גאַנצער גרופּע;
— .
שטאַרק פֿאַרשעמען. אויך מיט ז י ך.
אויסבלאַמען — טרוו. בלאַם אויס, ~
געבלאַמט. 1. אויסשפּרייטן אַ גאַנצע פֿעל בײַם
טריקענען אָדער פֿאַר צעשנײַדן. 2.
אַראָפּנעמען דאָס הײַטל פֿון אויפֿגעקאָכטער מילך,

די פּלעווקע.

אויסבּלאָנדז(ש)ען, ־דזיען, ־דען — אַקוזוו. בּלאָנדז(ש)ע (־זיע, ־דע) אויס, ~ געבּלאָנדז(ש)עט, ־זיעט, ־דעט. דורכגיין, דורכבּלאָנדזשען אַ בּאַשטימטן שטח (אַ וואַלד, אַ געגנט).

אויסבּלאָנדן — טרוו. בּלאָנד אויס, ~ געבּלאָנדט. אָפּפאַרבּן האָר אויף בּלאָנד (צווישן בּיידע וועלט־מלחמות, ליטע). אויך מיט ז י ך.

אויסבּלאַנקען — טרוו. בּלאַנק אויס, ~ געבּלאַנקט. מאַכן ווײַס, ריין אַ צאָל זאַכן.

אויסבּלאָנקען — אוטוו. ־קע אויס, ~ געבּלאָנקעט. אויסוואָגלען, דורכוואָגלען; אויסזײַן וואָגלענדיק אין אַ צאָל ערטער. א, אַ האַלבּע וועלט.

אויסבּלאַסן —. טרוו. בּלאַס אויס, ~געבּלאַסט. מאַכן עס זאָל ווערן בּלאַס(ער). „ס'איז אַ צו שרײַאיקער בּלוי, בּלאַס אויס אַ בּיסל„, רייד.

אויסבּלאַסן זיך — אוסוו. ← דפּוו. ווערן אויפּן פּנים בּלאַסער, בּלייכער. „נאָך דער קראַנקייט האָט דאָס קינד נעבּעך זיך אויסגעבּלאַסט„.

אויסבּלאָפּן — טרוו. בּלאָף אויס, ~געבּלאָפּט. אַמ. אויסנאַרן, אַרויסקריגן עפּעס דורך בּלאָף.

אויסבּלאַקירן טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)

בלאַקירט. 1. עפּעס אַרויסנעמען, ריין מאַכן פֿון
אַ פֿלעק, דעפֿעקט. 2. מאַכן וויַיס(ער).
3. אויפֿשטעלן היט(עלעך) אויף הילצערנעם
געשטעל. אויך: ~בלאָקן, אַמ.

אויסבלאָקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~
בלאָקירט פֿאַרצוימען וועגן, דורכגענג, אַרום און
.
אַרום. „בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט
די אַנטאַנטע אויסבלאָקירט דיַיטשלאַנד„..

אויסבלאַקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געבלאַקעוועט. 1. דזוו אויסבלאַקירן. 2.
אויסציִען פֿעל, לעדער ביַים טריקענען.

אויסבלוטיקן — ־יק אויס, ~געבלוטיקט.
אוטוו — אויפֿהערן בלוטיקן. טרוו —
1. אַרויסציִען בלוט, כּוחות, געלט. „ער האָט
מיך בדלות געשטעלט, ער האָט מיך
אויסגעבלוטיקט“. „דער קרבן...האָט שוין
אויסגעבלוטיקט אַלע זיַינע ווידוים“, הל. 2. שאַפֿן
מיט בלוט; דערגרייכן עפּעס וואָס קומט אָן
מיט בלוט. „מיר האָבן צוויי טויזנט יאָר
געדענקט ירושלים, ביז מיר האָבן
אויסגעבלוטיקט דיך„, ציַיט, 'ליד צום סאַבראַ'. אויך:

אויסבלו יקעז, ~בלאָטשקען

 טרןו.

~בלוט.

־קע אויס, ~געבלוטשקעט (~בלאָטשקעט).

אויסבלייזן

פֿאַרענדיקן שטריקן אַ בלוטשקע (בלאָטשקע) וואָל; אויסקנוילן.

אויסבלויזן — טרוו. בלויז אויס, ~געבלויזט. אַנטבלויזן; אַרויסשטעלן בלויז, נאַקעט. "די מיידלעך [האָבן] צעפֿלאַטערט די האָר און אויסגעבלויזט די ברוסט", אַל III, 'דער פֿרילינגיום־טובֿ'.

אויסבל — טרוו. בלוי אויס, ~געבלויט. אויך: אָען, לד. ~בלו(ה)ען, אוקר. 1. אויספֿאַרבן מיט בלויען קאָליר, מאַכן אינגאַנצן בלוי. „בטחון, הימל־בלויער...האָסט אַלטן לאַנד ישׂראל דורך כמאַרעס אויסגעבלויט„, לאַפּין, פֿולער קרוג. „פֿאַלט די נאַכט פֿון בערג אויף טאָלן און די ווײַטן שטיל זי בלאָט אויס", פּמ, וואָכנטעג. 2. אַרײַנלייגן בלויעכץ בײַם וואַשן וועש (די ווײַסקייט זאָל צוקריגן אַ בלוילעכע שאַטירונג).

אויסבלוקען — אַקוזוו. ־קע אויס, ~

געבלוקעט. [ו] אין אוקר. אויסוואַנדרעווען,
אויסבלאָנדזשען, זיך אַרומוואַלגערן, אַרומשלעפּן.
„ער האָט אויסגעבלוקעט די גאַנצע געגנט,
וואו נאָר אַ שטעטל צי אַ דערפֿל“. ־]B: <
).
אויסבליאונג — די, ־ען. דער פּראָצעס פֿון
אויסבליִען; די צעבליאונג (אַלע צוויטן
אינאיינעם).
אויסבליאַסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געבליאַסקעט פֿאַרשײַנען פֿאַרוואַרפֿן מיט גלאַנץ.
„זי האָט מיט אירע בריל אַנטן
אויסגעבליאַסי
קעט דעם גאַנצן זאַל“.
אויסבליאַקירן, ~בליאַקעווען — טרוו.
־קיר, ־קעווע אויס; ~(גע)בליאַקירט,
~געבליאַקעוועט. מאַכן פֿאַרלירן די פֿאַרב
(דורך רעגן, זון, ווינט). „די זומערזון האָט
אויסגעבליאַקירט די פֿירהענגלעך“. אויך אוטוו
פֿאַרלירן די שיינקייט, דעם גלאַנץ.
־
אויסבלייַבן — אוטוו. בלייַב אויס, ~

געבליבן. 1. בלײַבן מחוץ אַן אָרט, אַ גרופּע; בלײַבן דער לעצטער (די לעצטע) פֿון אַ גרופּע. „אַלע האָבן פֿאַרשפּילט, נאָר די צוויי קינדער זײַנען אויסגעבליבן„. 2. אָפּשטעלן זיך מיט עפּעס פֿאַרבלײַבן ווי דער סך־הכּל פֿון דעם

, . „

גאַנצן מסחר איז מיר אויסגעבליבן אַ צענערל“.
3. בלײַבן ווי די לעצטע ברירה. „מיר איז אויסגעבליבן אין וואַסער זיך צו וואַרפֿן“.
4. בלײַבן לענגער (ווי מע ריכט זיך), פֿאַרבלײַבן אויף אַן אָרט. „דער היזיקער חזן איז געווען בײַ מיר און באַרעדעט מיך איך זאָל היר פֿאַרבלײַבן...איז מעגלעך איך זאָל אַ פּאָר טעג היר א,“, וועלוול זבאַרזשער, בריוו, [פֿש II]. „אויף יונגער שיינקייט מײַן, וואָס אויסגעבליבן איז אַליין“, בראָד, פֿאָרשטעלונגען.
5. אַרכ. דזוו אויסנבלײַבן ←. „איך ווייש ניט ווארום מיין לוזר פֿאגל דער בלייבט זא לאַנג אויז אדנ, קומט ניט נאָך הויז“, מכירת יוסף, פֿפֿמ, 1713. „מן זאָל דיא אַנדרי צדיקים ניט שענדן, דש זיא ניט רעכט פֿרום גיוועזט זײַן... דאַרום איז ער אויש נבליבן“, מהמ, קעח/ב.
אויסבלייזן — טרוו. בלייז אויס, ~געבלייזט.
1. אַרויסשטעלן נאַקעט, אויפֿדעקן,

אַנטבלויזן, דעקאָלטירן. „שוין אַ גרויסע מויד און בלייזט אויס די פּיס ביז איבער די קני“,

אויסבלייזן זיך

רייד. 2. אַנטפּלעקן פֿאַרבאָרגענע זאַך צי אַן אידיי(ע). א, פֿאַרבאָרגענע כּוונות. 3. אויסברענגען יענעמס פֿאַרמעגן, אויסשטעלן נקי. „ער איז געווען אַ נאַר, האָבן קונדן אים אויסגעבלייזט„. 4. אַרויסגנבֿענען אַלץ פֿון שטוב (גנביש).

אויסבלייזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. גייו מיט אַ טיפֿן דעקאָלטע, זיך ווײַזן נאַקעטערהייט. 2. אויסברענגען אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט. „ער האָט זיך אויף איר אויסגעבלייזט און א

לייזעכץ

— דאָס (די), ־ן (־ער). (

טייז געבליבן בײַ גאָרנישט“, רייד.

אדיסב

פֿער) דעקאָלטע. „ווען זיי וואָלטן געקענט קריגן אַזאַ שייגעם רומל א, ווי איך פֿאַרמאָג, וואָלטן זיי מוחל געווען דאָס פֿיל צירונג“, ניסן לעווינסקי, שיחות ערבות, פּיעטרקובֿ,

תּרפּ,,ה.
אויסבּלייכן — בּלייך אויס, ~געבּלייכט.
אוטוו — ווערן בּלייך, בּלאַס, אומקלאָר.
פּלוצעם א'. ,,די אדתיות קרישלען זיך, די
ווערטער בּלייכן אויס“, מאָל, דער מלך דוד...
טרוו — 1. מאַכן בּלייכער, צוגעבּן אַ ווײַסן
קאָליר צו בּולטע קאָלירן (ווי רויט אָדער בּלוי).
,,מע דאַרף די ווענט א', מיר געפֿעלט ניט דער
טיפֿער בּלוי“. 2. וואַשן בּלייכער צו מאַכן,
אַרײַנלייגן אין אַ פֿליסיקייט וואָס זאָל בּלייכער
מאַכן. א, געלע פֿאָרהאַנגען. 3. בּאַדעקן מיט
צין, בּאַצינען. 4. מאַכן ניט־קאָנטיק אַ פֿלעק.
,,פֿלעקן פֿון פֿרוכט...א, מיט זשאַוועל־וואַסער“,
ש. שפּיראָ, קליידער־פֿאַרבּערײַ, וואַרשע 1900.
אויסבּלייכן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
פֿאַרלירן דעם לכתחילהדיקן קאָליר, ווערן בּלאַסער;
אויסבּלאַסן זיך. “דאָס ווײַבּעלע האָט זיך אַ
בּיסל אויסגעבּלייכט, נאָר זי איז נאָך אַלץ
שיין ווי די זון“, שע.
אויסבּלייען — טרוו. בּלײַ אויס, ~

געבּלײַט. בּאַדעקן מיט בּלײַ.
אויסבּלייערן — טרוו. בּלײַער אויס, ~
גע -

בלײַערט. אויסקאָלירן מיט פֿאַרביקע בלײַערס דאָס אינעווייניקסטע צווישן געגעבענע קאָנטורן פֿון זאַכן. (קינדער־לשון, ליטע).

אויסבלימלען — טרוו. בלימל אויס, ~ געבלימלט. באַדעקן מיט בלימלעך, בלומען; אויסנייען, אויסהעפֿטן (אויסהאַפֿטן) בלימלעך (אויך סתּם באַצירונגען).

אויסבל􏰀ען — אוטוו. בלי אויס, בליִען אויס, ~געבליט. 1. אינגאַנצן זיך צעעפֿענען (וועגן א קנאָספּ אָדער אַ בלום). „די רויזן האָבן נעכטן זיך ערשט צעעפֿנט, הײַנט האָבן זיי שוין אויסגעבליט“. 2. אויפֿהערן בליִען, פֿאַרלירן די פֿעאיקייט ווײַטער צו בליִען. „עס איז שוין האַרבסט, דער בוים האָט אויסגעבליט“. 3. אויפֿהערן שײַנען מיט יוגנט. „זי איז שוין איבער פֿערציק און האָט שוין אויסגעבליט“. 4. זיך באַווײַזן, אויפֿקומען. “דאָך ערשט ניט לאַנג האָט אויסגעבליט אויף אונדזער ערד דער פֿרײַער — אַ מין וואָס רופֿט זיך שקל־ייִד — אַ טיפּ אַ שפּאָגל־נײַער„, יהואָש, 'דער שקל־ייִד'.

אויסבליצן — בליץ אויס, ~געבליצט. אוטוו — 1. אָנהייבן בליצן. 2. אויפֿהערן בליצן. „דער הימל האַט שוין אויסגעבליצט און

אויסגעדונערט און עס ווערט שיין“. טרוו —

אויסדריקן, אַרויסזאָגן (אָנשרײַבן) זייער אַ גוטן
אָדער אומגעריכטן געדאַנק. „...,און
אויסגעבליצט די זעאונג אויפֿן זילבער פֿון פּאַפּיר„,
סוצ פֿײַערוואָג .

אויסבליצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַרויסווײַזן
(אָדער ניט האָבן מער קיין) בליצן. „די רואיקע,
קאַלטע דערציילונג האָט זיך צעבערענט אין אַ
געדיכט: די פֿינצטערע כמאַרע האָט זיך
אויסגעבליצט“, שנ, וועגן יִדישע שרײַבער II.
אויסבליק — דער, מצ ־ן. 1. שטח וואָס די
אויגן זעען פֿון אַ באַשטימט אָרט, פּאַנאָראַמע,
לאַנדשאַפֿט וואָס ווערט אַרומגעכאַפּט מיט אַ
בליק. „פֿון דעם דאָזיקן הויז עפֿנט זיך אַן
א, אויף דער גאַנצער געגנט אַרום“, מ.
בורשטין, גורל. 2. קוקווינקל, פּערספּעקטיוו. „צו
פֿאַרשטיין דאָס בילד דאַרף מען האָבן אין
זינען דעם מאָלערס אויסבליק“. א,־פּונקט.
„האָט זיך אונדז פֿון אַן אַנדער א'־פּ,

איבעראַנײַס אַנטפּלעקט דער כּלל גדול אַז יחיד און קיבוץ לאָזן זיך ניט אָפּטיילן“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט. 3. שאַנס, אויסזיכט בײַ אַן אונטערנעמונג, אויסקוק; האָפֿענונג. אַן א, אויף דער צוקונפֿט. „כ'ווייס ניט וואָס עס איז געווען זײַן א, אַז ער האָט אַרײַנגעלייגט אַזוי פֿיל געלט אין דעם געשעפֿט„.

אויסבליקן — טרוו. בליק אויס, ~געבליקט. אויבנאויף דורכקוקן. אויף גיך א, אַלע צייכענונגען.

אויסבלישטשען — ־טשע אויס, ~ געבלישטשעט. 1. אקוזוו — צעעפֿענען די אויגן מיט אַ בלישטש, אַ גלאַנץ, אַ פֿײַער אין זיי. א, די אויגן אין התפּעלות. 2. טרוו — אַרויסברענגען געפֿיל דורך בלישטשען. א, פֿרייד און פֿאַרוואונדערונג. 3. אוטוו — פֿאַרענדיקן בלישטשען.

אויסבלעזלען — ־זל אויס, ~געבלעזלט. אוטוו — אַרויסגעבן בלעזלעך. אויך מיט ז י ך. טרוו — באַדעקן מיט בלעזלעך, מיט בלאָזן; אויסליידיקן פֿליסיקייט דורך בלעזלעך. א, זייפֿוואַסער.

אויסבלעטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געבלעטערט. 1. פֿאַרענדיקן בלעטערן, מישן

די זײַטלעך פֿון אַ בוך פֿון אָנהייב ביזן סוף.
2. אויסוואַלגערן; מאַכן בלעטער פֿון טייג
(צו בראָקן לאָקשן); א, טייג פֿאַר לאָקשן.
אויסבלעטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
באַדעקן מיט בלעטער. דער בוים וועט אין
פֿרילינג זיך ווידער א'.
אויסבלעכן — טרוו. בלעך אויס, ~
געבלעכט. באַדעקן מיט בלעך. א, אַ דאַך.
אויסבלעמ'ען — [...בי'לעמען] טרוו. בלעם
אויס, ~געבלעמ'ט. < בלעם. ← במדבר, בב—
כד. שטאַרק אויסזידלען, געפֿינען
געקליבענע רייד אַרײַנצוזאָגן. „זי האָט אַ מויל אויף
שרויפֿן, זי האָט אים אַזוי אויסגעבלעמ'ט אַז
עס איז געווען וואָס צו הערן“, רייד.
אויסבלענדן — טרוו. בלענד אויס, ~

געבלענדט. שטאַרק באַשײַנען; איבערשטײַגן
מיט גלאַנץ. א, מיט שיינקייט אַלע איבעריקע
מיידלעך.
אויסבלעקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געבלעקעט. 1. אַרויסזאָגן אומקלאָר, אַזוי ווי אַ
שעפּס, ענלעך צו די קלאַנגען בלע־בלע.

אויסבעטן

2. אַרויסזאָגן עפּעס מיט דער צונג אַרויס; אַרויסשטעלן די צונג. „קונדייסים...
באַגעגענען זיך מיט שמייכעלעך אין די אויגן און מיט אַ בלעק אויס דאָס צינגל„, ווײַס, שטעטל.
3. שלעכט אויסזינגען.
אויסבלעקערצן — טרוו. ־ערץ אויס, ~ געבלעקערצט. [אין פּד הערט מען אַנשטאָט ר — כ]. 1. אויסמייקע(נע)ן, אַרויסבּרענגען צורי די שפּײַז פֿון מאָגן — וועגן אַ בהמה, אַ שיכּור. פֿפֿ: בלעקערצט אויס ווי אַ שיכּור.
2. אַרויסווײַזן זייער שלעכטע מאַנירן, זידלען.
3. אויסשרײַען מיט ווילדע קולות (זאַמעט).
4. אויסזינגען ניט־ייִדישע תּפֿילות.
אויסבעבען, ~בעבקען — טרוו. בעב(ק)ע אויס, ~געבעב(ק)עט. מיט מאַטערניש, אומקלאָר אַרויסזאָגן. א, אַ פּאָר ווערטער. „פֿון צרות האָט [זי] פֿאַרגעסן און צו ביסלעך אויסגעבעבעט: ווער זײַנען די פֿאַרזאַמלטע געסט?“, בערג, בײַם דניעפּער. „ער האָט חניפֿהדיק געמורמלט און מיטאַמאָל אויסגעבעבעט דאָס וואָס עס האָט אים אַפּנים לאַנג געפּײַניקט“, י. אָקרוטני, דאָס בוך פֿון די עלנטע.
אויסבעווקען — טרוו. ־קע אויס, ~

געבעווקעט. אוקר. אויספּלאַפּלען, אויסדערציילן וואָס מע דאַרף ניט.

אויסבּעזעמען — טרוו. ־עם אויס, ~ געבּעזעמט. 1. שטאַרק שלאָגן מיט אַ בּעזעם. אויך מיט ז י ך. בּײַם פּאַרען זיך אין מרחץ זיך שלאָגן מיט אַ בּעזעמל (געוויינטלעך פֿון בעריאָזעווע ריטלעך). 2. אויסקערן מיט אַ בּעזעם; א, דעם בּאַקאויוון; שפּאָטיש: „מע דאַרף דעם חזן א, דעם גאָרגל, ער כאָרכלט ווי אַ גוסס“. 3. אויסזידלען, אויסמוסרן.

אויסבּעט — דער, ־ן. 1. אופֿן און פֿאָרעם פֿון מאַכן אַ געלעגער. ווייכער, האַרטער א'. „אין א, פֿון די שאָטנס וואו די ספֿרי־תּורות רוען פֿלאַמט אַ ליכט“, דא 2 .I. אַלץ וואָס מע ניצט צו מאַכן אַ געלעגער; דאָס וואָס מע לייגט אונטער צו ליגן (זיצן) אויף דעם. „...צוויי בּרוינע לעדערנע קישעלעך וואָס האָבּן געדינט אַלס א, פֿאַר כּסא של אליהו“, דמש□1, אין יענע יאָרן. 3. געלעגער. „אַ הייל... אַן א, פֿון שטרוי, אַ פֿאַרזשאַווערטע קייט...„, אַל III, 'מהרם מרוטנבּערג'. 4. אונטערשלאַק, אונטערשלאָג, וואָס מע לייגט אונטער בּײַם נייען אַ בּגד, ספּעצ אַרום די אַקסלען (שנײַדעריש).

אויסבּעטלען — טרוו. בּעטל אויס, ~
גענבּעטלט. 1. קריגן עפּעס דורך בּעטלען, שנאָרן. 2. קריגן דורכן שטאַרקן און אומבּכּבֿודיקן בּעטן. "איך וויל אַפֿילו נישט, דו זאָלסט א, פֿאַר מיר אַלע נייטיקע זאַכן צום לעבּן", ממוס, קליאַטשע. 3. מיט מי און נויט קוים־קוים פֿאַרדינען. „אויך מיר אַ האַנדל, ער בּעטלט אויס אַ שטיקל חיונה".
אויסבּעטן 1 — טרוו. בּעט אויס, ~געבּעטן.
מיט זיך — פֿאַר זיך. 1. בּעטן בּיז מע
-- ▯
קריגט דאָס בּאגערטע. א, אַ דריידרל. *א, דאָס טעלערל פֿון הימל = וואָס מע קען ניט קריגן, דערגרייכן.
2. אויספּועלן דורך ווייכע רייד, דורך טרערן, דורך תּפֿילה און תּשובֿה. זיך א, אַלדאָס גוטס. „ווען איך איין זכות ווער פֿאַר

אויסבּעטן

הש"י האָבּין זוא ווער איך אויז בּעטן דאָז דוא ווערשט קינדר האָבּין", גה, 63. „צווייא ערלייא וויל איך מיר האָבּן אויס גבּעטן בּייא דיר, [רבּש„ע]", מס, משלי, ל, 7. „...שטיין

פֿאַר גאָטס געריכט און א, פֿאַר זיך און פֿאַר
דער גאַנצער וועלט מענטשן, גאָר אָן שום
חילוק, אַ גוט יאָר,,, ממוס, שלמה. ,,
שׂמחתתּורה צך הקפֿות קען אַ ייִד א, גאָר־גאָר גרויסע
זאַכן,,, לדבֿ. *אויסבעטן אַ גוט קוויטל =
פּועלן מע זאָל פֿאַרשריבן ווערן אין הימל צו
האָבן אַ יאָר פֿון געזונט, פּרנסה און אַלדאָס
גוטס.

3. אויספּועלן דורך אַ פֿאַרמיטלער (דורך
אַ רבין, אין זכות פֿון אָבֿות). ,,איך
קלער הײַנטיקע וואָך אַריבערצופֿאָרן צו
אים זאָל לעבן, אים אַ פּדיון אַוועקפֿירן, ער
זאָל אויסבעטן פֿאַר אונדז אַ גוט יאָר“,
דינעזאָן, אבן נגף , ,,ר'איז געפֿאָרן צו רבנים
אויסבעטן קינדער“, פֿמ; ,,ער ליגט אויפֿן הייליקן
אָרט, זײַן נשמה זאָל פֿאַר אונדז גוטס
אויסבעטן“, ראבאָי, אייגענע ערד. 4. בעטן אַ
הויכן פּרײַז. א, דעם אמתן מקח. ,,די אַלטע...
האָט געהאַט אַ מויל ווי אויף שרויפֿן און
פֿלעגט ליב האָבן א, פֿאַר אַ זאַך פֿינף מאָל
אַזוי פֿיל“, אר, אַמאָליקע מענטשן'. ←
אויס,
באָטן, אויסביטן. 5. אַרכ. ענדיקן תּפֿילה טאָן.
,,מײַן מאַן איז...סרום...ער נוך לאַנג ניט האָט

אויז גיבּעטן“, ספֿר משלים פּפֿדמ 1686.
,
אויסבּעטן 11 — טרוו. בּעט אויס, ~געבּעט.
מיט ז י ך — פֿאַר זיך. 1. מאַכן אַ
געלע---
גער (אונטערלייגן אַ מאַטראַץ, אַ פּערינע, אַ
קאָלדרע, אויסשפּרייטן אַ לײַלעך אאַזוו). „ווי
מע בּעט זיך אויס אַזוי שלאָפֿט מען„, שוו.
“ער בּעט זיך גוט אויס [ווש מיט די בּאַטײַטן
פֿון האָמאָנים אויסבּעטן זיך] אַז אויף יענער
וועלט זאָל אים זײַן ווייך צו ליגן“, ספּ, עניים
ואביונים. „דעם פֿעטער זלמן רעכן איך
אויסבּעטן אָט דאָ אויף דער וועראַנדע“, שע, גלות
דאַטשע. 2. אונטערלייגן עפּעס; מאַכן עס
זאָל זײַן ווייך צו ל גן, צו זיצן. „די פֿייגעלעך
האָבּן אויסגעבּעט זייער נעסט מיט שטיקלעך
שטרוי און מיט פֿעדערלעך“.
3. אַרומלייגן מיט עפּעס ווייכס, וואַרעמס;
אויספֿילן עס זאָל זײַן דיקער. א, דעם פֿאָרנט,
די בּאָקעס. „איידער זי גייט אויף אַזוינע
פֿאַרזאַמלונגען, בּעט זי זיך אויס מיט [
אומלעגאַלער] ליטעראַטור אַ קונציק־טראָגעדיק
בּײַכל„, בּערג, בּײַט דניעפּער II.
4 פֿאַרשפּרייטן, אויסשפּרייטן, אַרויפֿלייגן

.

עפּעס אויף אַ פֿלאַכער זאַך. „בעט אויס דעם טיש מיט אַ פֿרישן בלאַט 'ארבײַטער־צײַטונג'“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. „אָוונט־שאָטנס, דורכזיכטיקער שלייער, האָבן קיל דעם מדבר אויסגעבעט“, דא, וויאָלעט.

5. מאַכן אַן אונטערשלאַק, אונטערשלאָג בײַ אַ בגד, אַרײַנלייגן וואַטע, האָר; אויספֿילן די אַקסלען אין בגדים (שנײַדערײַ).

6. (שוסטערײַ) אַרײַנלייגן ווייכן (וואַרעמענדיקן) שטאָף אין שטיוול, שיך. דז בײַ קירזשנערײַ. ”דו זאָלסט זײַן אַ גוטער, בערעלע, וואָלסטו מיר אויסגעבעט אָט די שטי□ול מיט שטיקלעך פֿוטער“, פּרץ, 'דאָס שטרײַמל'.

7. באַשלאָגן אַ געזעס פֿון אַ שטול פֿון אַ

,

1□5

קאַנאַפּע אאַ מיט ווייכן אָדער עלאַסטישן מאַטער אַל (טאַפּעצירערײַ).

י

אויסבעטעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. אַלץ וואָס מע ניצט בײַם אויסבעטן אַ געלעגער.

2. שלעכטער געלעגער, אויסבעט. 3. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבעטן I.
אויסבעטער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פּועלט דורכן אויסבעטן (געוויינטלעך
פֿאַר אַנדערע). „זאָל ער זײַן פֿאַר אונדז אַ
גדטער בעטער און טאַקע אַן א, אויך“.
אויסבעטעריש — אַדי. וואָס איז ווי אַן
אויסבעטער; וואָס איז נכנע, דערשלאָגן, מיט אַ
געבראָכן געמיט.
אויסבעטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געבעטשעט. פּר. 1. אָפּגעבן צוריק מיט אָנווער,
מיט היזק פֿאַרלירן. „ער וועט א אַלץ וואָס

, ,

ער האָט אָפּגעראַבעוועט [= אָנגעראַבעוועט]
בײַ מענטשן„. 2. אויסוויינען ←.
אויסבעטש(ק)ען — טרוו. בעטש(ק)ע אויס,
~געבעטש(ק)עט. מיט ז י ך =
אויסשטאַמלען זיך. אויסשטאַמלען, לאָזן עפּעס הערן
אומקלאָר (ווי בעקען פֿון שאָף).
אויסבעילן — טרוו. בעיל אויס, ~געבעילט.
אויך: ~ביילן, אַמ. to bai1 out :> .
באַפֿרײַען פֿון אַרעסט, תּפֿיסה אויף
גאַראַנטיעגעלט. „— האָט אים דער לייטענאַנט
פֿאַרהאַלטן? — יעס, אָבער עס איז באַלד געקומען

עמעצער און אים אויסגעבּעילט“, אײַזמאַן,
טמז, 27 XI 1958.
אויסבּעל־דבֿרן — [...בּאַלדאָ'ווערן] טרוו.
בּעל־דבר אויס, ~געבּעל־דבֿרט. 1. אַרויסקריגן
דורך אויספֿרעגענישן; אויספֿאָרשן;
אויסשפּירן (גנביש). 2. אויסריידן שלעכטס אויף עמעצן.
אויסבּעל־הבּתעווען [...בּאַלעבּאַ'טעווען]
בּעל־הבּתּעווע אויס, ~געבּעל־הבּתּעוועט. אוטוו
— אויפֿהערן בּעל־הבּתּעווען. מיט ז י ך —
דזבּ. „אַזו לאַנג געדרייט דאָס רעדל בּיז ער
י

ה□ט זיך אויסגעבּעל־הבּתעוועט“. טרוו —
□

פֿאַרלירן דורכן שלעכטן בּעל־הבּתּעווען. א, די
גאַנצע ירושה.
אויסבּעל־מלאָכה(ווע)ן — [...בּאַלמעלאָ'־
כען] טרוו. בּעל־מלאָכה אויס, ~(גע)
בּעלמלאָכהט. 1. ווי ניט איז מאַכן, פֿאַרענדיקן
אַן אַרבּעט מיט שוועריקייט און ניט געראָטן.
א, ווי אַ פּאַרטאַטש. 2. פֿאַרענדיקן אַן
אַרבּעט גוט, ווי אַן אמתער בּעל־מלאָכה. א, ווי
אַ מײַ(נ)סטער.
אויסבּעלעמעטשען

— טרוו ־טש

עמע.   אויט,

~(גע)בּעלעמעטשעט. אויך: ~בּאַ
טשען. אויסשטאַמלען, אומוויליק און
אומקלאָר אַרויסריידן.

אויסבּענטשן — טרמ. בּענטש אויס, ~
געבּענטשט. 1. געבּן אַ בּרכה אַ גרופּע; געבּן
איינעם אַ צאָל בּרכות. 2. אָפּבּענטשן,
פֿאַרענדיקן בּענטשן. „...קל וחומר פֿר דעם מלך
מלכי המלכים דז מן זול שוויַיגן אונ זאָל
צו הערן זין לוב בּרוך הוא וברוך שמו, ווען
מן נון אויז גיבּענשט האָט“, לט1/1' 142.
3. אויסבּעטן זייער אַ הויכן פּרײַז. א, אַ מקח.
4. איר. אויסשעלטן, אויסזידלען.

אויסבּענקען —. טרוו. בּענק אויס, ~
געבּענקט. 1. עפּעס קריגן נאָך לאַנגן בּענקען.
“זי האָט דורך תּחינות אויסגעבּענקט אַ קינד,

אַ בּן־זכר“. 2. שאַפֿן דורך בּענקען. „...אַ
פֿערז אויף ווײַס פּאַפּיר. בּענק אויס פֿאַר
זיך אַ שיינע וועלט — און לויב, און גלויב אין
איר“, הר, אין שאָטן פֿון מײַן בּוים. „אים איז

געלונגען אויסצובעסערן...אויסצומײַסטרעווען די געשטאַלט פֿונם תּהילים־ייִד", שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן.

אויסבעסערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבעסערן. 2. מיטל צו פֿאַרריכטן, מתּקן צו זײַן, צו קריגן בעסערע רעזולטאַטן. נײַע א'ען בײַם פֿאַרזיי און בײַם שניט. 3. בײַט, שינוי, קאָרעקציע כּדי צו מאַכן בעסער. אַ טעקסט וואָס נייטיקט זיך אין א'ען. 4. פֿאָרלייג צו בײַטן, משנה צו זײַן עפּעס אין אַ פֿאָרמעלן פֿאָרשלאָג. די א, אָפּשטימען פֿאַר דער רעזאָלוציע. 5. שינוי אין אַ געזעץ, אין קאָנסטיטוציע, אין געריכטלעכע באַשלוסן. פֿאָרלייגן וויכטיקע א'ען אין דער קאָנסטיטוציע.

אויסבעסערונג־הויז — דאָס, ־הײַזער. אינסטיטוציע פֿאַר מינעריעריקע פֿאַרברעכערס.

אויסבעסערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געבעסערט. 1. מאַכן בעסער, פֿאַרבעסערן. א, מידות; א, דעם מצב. „אויב מיר ווילן א, דאָס ייִדישע פֿאָלק, דאַרפֿן מיר אָנהייבן פֿון די ייִדישע דעות פֿון דער ייִדישער פֿירונג",

ממוס, 'בישיבה של מטה'. 2. פֿאַרריכטן,

קאָרעגירן. „בעסערסטו אָבער אויס אָט דעם פֿעלער... ווערט דיר אין קעפּל העלער“, ממוס, יודל. „זייער אָפּט זײַנען אירע באַמערקונגען אים צו ניץ געקומען, ווען ער פֿלעגט זיך נעמען א, זײַנס אַ ווערק“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער. 3. דורכפֿירן אַ פֿאַרריכטונג אין אַ געזעץ, אין פּראַקטיק פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אויסבעסערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויסבעסערן, פֿאַרריכטן די אייגענע מידות און פֿירונגען, ווערן בעסער.

אויסבעסערער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס בעסערט אויס (ימ, 26 1).

אויסבעסערקע — די, ־ס. ספּעצ:

אַרבעטערין וואָס פֿאַרריכט די דעפֿעקטן אין אויסגעשטיקטן מאַטעריאַל וואָס קומט אַרויס פֿון שטיקערײַ־מאַשין.

אויסבעקן — בעק אויס, ~געבעקט. אַמ.

אוטוו — חרטה האָבן אויף אַ צוזאָג. טרוו — פֿירן אַן אויטאָ אויף צוריק, הינטערווײַלעכס. „בעק אויס די קאַר“.

אויסבעקען — טרוו ־קע אויס, ~געבעקעט.

1. עפּעס אויסדריקן דורך אומקלאָרע קלאַנגען, ענלעכע צו בע־בע. “דאָס קעלבל בעקעט אויס

די בענקשאַפֿט נאָך דער מאַמע־קו“. .2
אַרויסזאָגן עפּעס ניט גענוג פֿאַרשטענדלעך, מיט
מאַטערניש. “בּעקע שוין אויס וואָס דו האָסט
צו זאָגן“.

אויסבּעקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. .1
פֿאַרענדיקן בּעקען. „דאָס קעלבּל האַט זיך
אויסגעבּעקעט און ליגט שטיל“. .2 גוט
דורכשמועסן זיך, דורכבּאַלאַקען זיך. איר.

אויסבּערקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געבּערקעוועט. לאָקל (פּאָדאָליע). [< בּערק =
בּעריאָזע, אויסהאַקן בּערקן אין וואַלד; אפֿשר
פֿון בּערקע = דאָרן]. אויסטרעטן, אויסהאַקן

אויסבּערשטלען

אַ וועג. מלמדישער טײַטש אין פּאָדאָליע פֿאַר
„סלו סלו פּנו דרך“, ישעיהו, נז, 14 —
בּערקעוועט אויס אַ וועג.

אויסבּערשטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
געבּערשטלט. אויסבּאַרשטן מיט אַ בּערשטל. א,
די האָר. „דער תּלמיד־חכם דאַרף גיין
מיטלמעסיקע קליידער...און זאָל זיי שיין א', דאָס
מע זאָל אויף זיי ניט געפֿינען קיין פֿעדער
און קיין אומריינקייט„, לט2, 1/45.

אויסבערשטן — טרוו. בערשט אויס, ~ געבערשט. געניצט אין לר, דערעיקר בײַ בערשטערס. אויך אין אוקר און מג. דזוו אויסבאַרשטן ←. „און, זאָל זיין קליידר אויז בערשטן, דז קיין פֿעדר ניט דראָן הענגט“, לט1, 2/57.

אויסבקיצורן — [...בעקי'צערן] טרוו. בקיצור אויס, ~בקיצורט. קורץ איבערגעבן (נאָכן פֿריִערדיקן פּרטימדיקן דערציילן). „וואָס זאָל איך אײַך לאַנג ברײַען? איך וועל עס א, אַזוי...“, רייד.

אויסבקשה(נע)ן — [...באַקאָ'שען] טרוו. בקשה אויס, ~(גע)בקשהט. אויך: ~ בקשהוען. אויסבעטן, שטאַרק בעטן און פּועלן; דערגרייכן נאָך אַ צאָל בקשות צו אַן אָפֿיציעלן אַמט. א, מע זאָל איבערקוקן דעם ענין.

אויסבראָדזשע(נע)ן, ~בדאָדזיע(נע)ן, ~בראָדזע(נע)ן — אַקוזוו. ־דזשע (־דזיע, ־דזע) אויס, ~געבראָדז(י'ש)עט. 1. אויסקריכן, דורכקריכן (מיט פֿיס אין בלאָטע, אין וואַסער א צאָל (בלאָטעס, זומפּן). א, געגנוג זומפּן ביז מע קומט צום שליאַך. 2. דורכוואָגלען. א, אַ וועלט.

אויסבּראַזגע(נע)ן — טרוו. בּראַזגע אויס,
~געבּראַזגעט. אויך: ~בּריאַזגען. 1.
הילכיק, מיט אַ בּראַזג אויסקלאַפּן, אויסהאַקן. א,
אַלע כּלים. 2. געבּן קלעפּ, אַ סך מאָל
אָדער אַ גרופּע. א, די הינטישע מאָרדע. א, די
מיאוסע פּרצופֿים.
אויסבּראָטן — טרוו. בּראָט אויס, ~געבּראָטן.
1. האַלטן גענוג לאַנג בּ□ אַן אָפֿן פֿײַער,
י
בּיז עס ווערט גרייט צום עסן. א, אַן עוף,
אַ גאַנדז. 2. אויסניצן בּײַם בּראָטן. א, גאָר
די פּוטער. 3. מאַכן בּרוין, שוואַרצלעך. די
זון וועט מיך א'.
אויסבּראָך — דער, ־ן. אויך: אויסבּרוך.
1. אַקט פֿון אויסבּרעכן; מיטאַמאָליקער ריס
מיט כּוח, אויפֿרײַס. אויסבּראָך פֿון שטורעם.
2. אָנהייבּ פֿון געשעעניש וואָס בּינדט זיך
מיט גוואַלדמיטלען; אויסבּראָך פֿון מלחמה,
רעוואָלוציע, אויפֿשטאַנד, צאָרן, אאַ. 3.
אָנהייבּ פֿון געשעעניש וואָס בּינדט זיך מיט
אויפֿרײַס, קנאַלערײַ. "דער אויסבּראָך פֿון דער
קאַנאָנאַדע האָט איבּערגעשראָקן אַלע
אײַנוואוינערס„. 4. רעזולטאַט פֿון אויסבּרעכן,
דורכבּרעכן. „דורכן אויסבּראָך אין מויער האָט זיך

אַרײַנגעכאַפּט דעם שׂונאס חייל,,. 5.
דערשײַנונג ווען אַ וואולקאַן ווערט טעטיק. ,,אויבּ
אריסבּראָכן פֿון עטנע וועלן מער ניט זײַן,
מוז מען מורא האָבן פֿאַר...“, ימ, 1923.
6. דאָס אָפּרײַסן זיך; אָפּקער, אָפּווענד מיט
כּוח. ,,גלוסטיקייט פֿון דער וועלט...איז דער

15

שורש פֿון עבֿירות און א, פֿון אַלע מצוות,,,
מהמ. 7. אויסשטעל פֿון זאַץ אין באַזונדערע
זײַטן (זעצערײַ).
אויסבּראַמע(נע)ן — טרוו. ־מע אויס, ~
געבּראַמעט. 1. אַרויפֿלייגן משׂא, עול. וורר.
אַ צער־בּעלי־חיים אַזוי אויסצובּראַמענען (דאָס
פֿערדל). 2. אויסבּויען, אויפֿשטעלן געוועלבּ.
פּר. א אַ מויער, דעם טויער.

,
אויסבּראָנ(ד)ז(יר)ן — טרוו. בּראָנ(ד)ז(יר)
אויס, ~געבּראָנ(ד)ז(יר)ט. באַדעקן מיט
בּראָנ(ד)ז אַ צאָל זאַכן; אויספֿאַרבּן מיט
בּראָנ(ד)ז־פֿאַרבּ.
אויסבּראַנדעווען — ־דעווע אויס, ~
געבּראַנדעוועט. אוטוו — זײַן זייער ענערגיש,

זײַן אַ בראַנד (און אויפֿהערן). אויך מיט
ז י ך. טרוו — 1. אָפּשטעמפּלען מיט אַ
הייסן שטעמפּל. א, די פֿערד. 2. אָפּזידלען.
אויסבראָנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~
געבראָנעוועט. פֿאַרענדיקן די אַרבעט פֿון
אויסגלײַכן אַ פֿעלד נאָכן אַקערן; בראָנעווען אַ צאָל
פֿעלדער.
אויסבראַקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)־
בראַקירט. 1 פֿאַרבראַקירן, אָפּוואַרפֿן ווײַל
.
ס'טויג ניט אָדער ס'פּאַסט ניט. א, דעם חתן,
די כלה. 2 פֿאַרענדיקן דורכקוקן
אַרויס. .
נעמען דאָס ניט־גוטע. 3. בכלל ניט
אָננעמען, ניט אַקצעפּטירן. א, די סחורה און
צוריקשיקן. „ער פֿלעגט אַ היפּש ביסל אַרטיקלען
[פּרצעס] א, און זיי ניט דרוקן„, מוק, מײַנע
באַגעגענישן 4 .I. ספּעצ: ניט אָננעמען פֿאַר
אַ זעלנער; דערקלערן אַז עס (מע) טויג ניט
צו אַ געוויסן ענין. א, די בעלי־מום. „האָב
איך זיך דערפֿילט באַליידיקט וואָס דער
פּריסטאַוו האָט מיך אויסגעבראַקירט“, דטש, ווילנע.
אויסבראָקן — טרוו. בראָק אויס, ~
געבראָקט. 1. פֿאַרענדיקן בראָקן; א, לאָקשן,

פֿאַרפֿל. 2. אויסניצן בײַם בראָקן דאָס
אָנגעגרייטע טייג. א, טייג. 3. אויסדערציילן אַ
צאָל ליגנס. א, אַזעלכע מעשׂיות וואָס נישט
געשטויגן, נישט געפֿלויגן.

אויסבראַקעווען — טרוו. בראַקעווע אויס,
~געבראַקעוועט. 1. אויסבראַקירן;
אָרויסנעמען, אויסטיילן דעם בראַק (און לאָזן דאָס
פּאַסיקע). „...גוט אָנגעטאַפּט און האָט
אויסגעבראַקעוועט וואָס ס'איז...“, [חייס מאַלאַגאַ],
'גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. 2. אָפּוואַרפֿן, ניט
אָננעמען, פּסלען מחמת ניט־גוטער קוואַליטעט.

אויסבראָש(ור)ירן — טרוו. בראָש(ור)יר
אויס, ~בראָש(ור)ירט. פֿאַרענדיקן אײַנבינדן
אָדער אײַנלייגן אין בראָשורן.

אויסברוגזן — [...ברוי'געזן, באַרוי'געזן] טרוו.
ברוגז אויס, ~געברוגזט. אַרײַנברענגען אין
אַ צושטאַנד פֿון שטאַרקן ברוגז. „מיט זײַנע
שטעכווערטלעך ברוגזט ער אַלעמען אויס“,
רייד.

אויסברוגזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
ביסלעכווײַז אויפֿהערן זײַן ברוגז. 2. זײַן, ווערן
ברוגז איינציקווײַז מיט אַ גרופּע.

אויסברודיקן — טרוו. ־דיק אויס, ~
געברודיקט. אָפּט מיט ז י ד. שטאַרק שמוציק

מאַכן; פֿאַרבֿרודיקן אַ צאָל זאַכן.

אויסבֿרומען

אויסבֿרויזן — בֿרויז אויס, ~געבֿרויזט. אויך
מיט ז י ך. אוטוו — פֿאַרענדיקן דעם
פּראָצעס פֿון בֿרויזן. ,,דער ווײַן האָט
אויסגעבֿרויזט“. טרוו — 1. מאַכן עס זאָל בֿרויזן.
,,אָן האָפּן קען מען ניט אויסבֿרויזן (קיין)
מעד,,, שוו. 2. אַרויסבֿרענגען אַן
אויפֿרעגונג. ,,האַלט זיך אײַן, בֿרויז ניט אויס דעם
צאָרן,,.
אויסבֿרויך — דער, ־ן. 1. פֿאַרניץ,
פֿאַרניצונג; אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אויסבֿרויכן.
2. רעזולטאַט פֿון אויסבֿרויכן; דאָס וואָס איז
אָפּגעניצט פֿאַרשווענקט, אַוועקגעוואַשן,
אָפּגע,
ריבֿן אאַזוו.
אויסבֿרויכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסבֿרויכן.
אויסבֿרויכן — טרוו. בֿרויך אויס, ~
געבֿרויכט פֿאַרניצן אינגאַנצן; פֿאַרטאָן (
מאַ.
טעריאַל, סחורה), אויסגעבֿן. אויך: אויספּרווון,

אַרכ. ,,זולכיש איזט אויז צו בּרויכן, ווען זיא
דאש נאָך גבורד ניט קאַן הבּין,,, סור, כז.
אויסבּרויכן זיך — אוטוו. בּרויך זיך אויס,
זיך ~געבּרויכט. לאָקל, קורלאַנד. בּאַרימען
זיך, אויספּײַנען זיך, אַרויסשטעלן זיך.
אויסבּרוינען — טרוו. בּרוין אויס, ~
געבּרוינט. אויך מיט ז י ך. מאַכן אינגאַנצן
בּרוין (אַ צאָל זאַכן). זיך א, אויף דער זון.
אויסבּרויען — טרוו. בּרוי אויס, ~געבּרויט.
אויך: בּרויע אויס, ~געבּרויעט. 1. דזוו
אויסבּרײַען ←. ,,...ווי אַזוי דו ווּעסט דערפֿון
מיר א אַז מע דאַרף גראַמאַטיק לערנען“, ק״ו,
2 .12 1865' No. אויסטראַכטן אַ צאָל
בּלבּולים, טרײַבּן רכילות ווּעגן אַ צאָל מענטשן. א,
מיאוסע מעשׂיות ווּעגן אונדז אַלעמען.
3. אָנהעצן, אַרויסרופֿן קריגערײַען.
אויסבּרויען זיך — קזוו. ← דפֿוו. אויסקריגן
זיך; אַרומקריגן זיך.
אויסבּרוך — דער, ־ן. 1. דזוו אויסבּראָך.
,,מע האָט שוין מורא געהאַט, עס זאָל ניט
קומען צו אַן א, [צווישן פֿראַנקרײַך און
אַמעריקע],,, קמ, 1866 6, No. ,,בּײַם ערשטן א, פֿון
אַ שטרײַק האָט ער בּאַלד די אַרבּעטער

באַפֿרידיקט“, ספּ, סודות. „דאָס זײַנען געווען נאַאיווע
א'ן פֿון צאָרן“, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע
טעאַטער. 2. פֿאַרטיפֿונג אין געלעגער פֿון אַ
טײַך; גרובֿ געמאַכט פֿון וואַסער (וואָס האָט
מיט כּוח אויסגעריסן און אַוועקגעטראָגן
זאַמד). 3. (אונגערן) בעסטער, שטאַרקסטער
ווײַן. „...ואח„כּ שופֿכים עליהם ייִן חזק שנקרא
א'“, ר, חיים סופֿר [רבֿ אין סעמפּעטער], שו“ת,
מחנה חיים, פּרעסבורג 1662.
אויסבּרומבּלען — טרוו. ־בּל אויס, ~
געבּרומבּלט. שטיל, נידעריק אויסבּרומען.
אויסבּרומבּלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
שטיל, פֿאַר זיך זינגען אָדער זאָגן און
אויפֿהערן.
אויסבּרומען — טרוו. בּרום אויס, ~
געבּרומט. 1. זינגען מיט אַ טיף, נידעריק קול.
א, אַ ניגון. 2. אַרויסזאָגן, אויסדריקן עפּעס
בּרומענדיק. א, דעם צער. אַ בּרוגזער האָט ער
אויסנעבּרומט. „אַז אָך און וויי איז צו מיר!
— האָט זי תּחינהדיק אויסגעבּרומט“, אר,

אויסבּרומען זיך

'די פֿאַרשפּעטיקטע מלוכה'. אויך אוטוו —

אַרויסגעבּן קלאַנגען (ווי אַ בער, אַ בּהמה).
דער בּער (די קו) האָט אויסגעבּרומט.
אויסבּרומען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסבּרומען און אויפֿהערן.
אויסבּרוסטן — טרוו. בּרוסט אויס, ~
געבּרדסט. (שנײַדערײַ) אַרײַנ□.יגן וואַטע אין
בּרוסט פֿון אַ מלבּוש. „דעם מונדיר דאַרף
מען נאָך אַ בּיסל א'“.
אויסבּרוסטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסשטעלן פֿאָרויס די בּרוסט (בּײַם מאַרשירן, בּײַ
גימנאַסטיק).
אויסבּרוקירט — אַדי. אויך: ~
געבּרוקירט. פּאַר אויסבּרוקירן ←.
אויסגעפֿלאַסטערט; אויסגעלייגט מיט שטיינער. „
אויסבּרוקירט מיט צרות איז דער וועג צום
בּיתהקבֿרות“, שוו.
אויסבּרוקירן — טרוו. בּרוקיר אויס, ~(גע)־
בּרוקירט. לאָקל: ~בּרוקערן (בּאַרדיטשעוו).
אויספֿלאַסטערן, אויסלייגן אַ גאַס מיט
שטיינער. „מע וועט א, דאָס שטעטל מיט אָט די
שטיינער, עס זאָל מער קיין בּלאָטע ניט
זײַן„, אר, 'אַבֿרהם דער שוסטער'.
אויסבּרוקען — טרוו. בּרוקע אויס, ~
געבּרוקעט. אויך מיט ז י ך. אויסדריקן געפֿילן

דורך קלאַנגען ענלעכע צום בּרוקען, מרוקען
פֿון אַ טויב. א, ליבּשאַפֿט, צופֿרידנקייט.
אויסבּרידז(י)ען זיך — אוטוו. בּריוז(י)ע זיך
אויס, זיך ~געבּרידז(י)עט. האָבּן אַ געפֿיל
פֿון עקל פֿון דערווידערדיקייט און בּיסלעכווײַז
,
גובֿר זײַן דאָס געפֿיל. „די ערשטע צײַט האָט
זי זיך געבּרידזעט מיט אים, דערנאָך האָט זי
זיו אויסגעבּרידזעט“, רייד.
אויסבּרידערן — טרוו. ־ער אויס, ~געבּרי..
דערט. אויך: ~בּרודערן. מאַכן מע זאָל
זײַן גלײַך, ווי בּרידער; אויסגלײַכן.
פֿאָרחבֿרן. „דאָס שותּפֿישע אומגליק האָט אונדז
אויסגעבּרידערט“.
אויסבּרידערן זיך — קזוו. ← דפֿוו. ווערן
ווי בּרידער, פֿאַרבּרידערן זיך. זיך א, מיט
מענטשן פֿון אַלע שטאַנדן.
אויסבּריהן זיך — [...בּעריען] אוטוו. בּריה
זיך אויס, זיך ~געבּריהט. זיך אַרויסשטעלן,
זיך אַרויסווײַזן ווי אַ בּריה; ווען ווײַזן
בּריהשאַפֿט. „ער האָט גענומען אַרבּעטן מיטן
גאַנצן גוף, זיך געוואָלט א„ געפֿליקט עטלעכע
עופֿות מיט אַ מאָל„, אָפּאַ, טענצערין.
אויסבּריזגען — טרוו. ־גע אויס, ~

געבריזגעט. אויסשפּריצן; גיך, אין אײַלעניש
בּאַגיסן מיט וואַסער.
אויסבּרייט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסבּרייטן. 2. רעזולטאַט פֿון אויסבּרייטן. ,,
וואַרעם נאָך אָן דעם מעטאַל, וועט דער א, ווערן
גרעסער". ,,עס קען גיין אין אַן עקאָנאָמישן
קריזיס, אָדער אין אַן א, פֿון דער עקאָנאָמיע
פֿון לאַנד", בּצג, טמז, 1956 ▯ 5. 3.
אויסשפּרייט אין דער בּרייט. ,,סאָראַ רחבֿות, סאַראַ
א, פֿון פֿרײַען ים!".
אויסבּרייטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסבּרייטן; ,,זי האָט די בּחינה
וואָס בּאַווײַזט און דײַט אָן אויף דער א, פֿון
דעם פֿאַרשטאַנד", תּניא, 386.

אויסבּרייטן 1 — טרוו. בּרייט אויס, ~
געבּרייט. מאַכן בּרייט(ער), אויסציִען אין דער
בּרייט. מלל פֿאַרטײַטשט 'ופֿרצת ימה וקדמה,
(בּראשית, כח, 14) ,,אויש בּרייטין,, [תּי: ז▯ו
אויסשפּרייטן]. ,,און איך בּרייט מיך אויס
און אין זיך פֿאַל אַרײַן,,, עק.
אויסבּרייטן 11 — טרוו. בּרייט אויס, ~

געבּרייט. דזוו אויסבּאַרייטן ←.
אויסבּרייטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסלייגן אין דער בּרייט; זיך פֿאַרשפּרייטן,
זיך צעשפּרייטן. „אַ ים יסורים האָט זיך פֿאַר
מײַנע אויגן אויסגעבּרייט„, פּה.
אויסבּרייטערונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבּרייטערן; צוקום,
צוגאָב וואָס בּאַקומט זיך פֿון אויסבּרייטערן.
א, פֿון אַפּעטיטן, פֿאַרלאַנגען. א, פֿון מאַכט,
רעכט, פֿרײַהייט.
אויסבּרייטערן — טרוו. ־טער אויס, ~
געבּרייטערט. מאַכן בּרייטער פֿאַרגרעסערן אין

,

שטח, אין פֿאַרנעם; אַרײַננעמען מער. א, די
גרענעצן. א, דעם האָריזאָנט.
אויסבּרייטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
בּרייטער, גרעסער אין פֿאַרנעם. „די השׂגות
האָבּן זיך אויסגעבּרייטערט און דער עולם
פֿאַרלאַנגט אַ סך מער“. „די שׂריפֿה האָט זיך
אויסגעבּרייטערט“, ווײַסמאַן, פֿון בּריסק בּיז
סעמיאַטיטש.
אויסבּרײַען — טרוו. בּרײַ(ע) אויס, ~געבּרײַט
(~געבּרײַעט). ← אויסבּרויען. 1. אויסקאָכן,
אויסזידן מיט האָפּן, אויספֿערמענטירן די האָפּן

(בײַם מאַכן ביר, מעד). 2. אויסדרינגען, אויסברענגען עפּעס; לאַנג רעדן ביז מע קומט צום עיקר. „איך וויל דערמיט אײַך נישט מער א', אַז איר זאָלט אײַך ניט וואונדערן, ווי אַזוי אַ נאַר ווי איך...“, ממוס, קליינמענטשעלע. „מילא בקיצור, על־כל־פּנים, וואָס ווילט איר דאָ אויסברײַען...אַז ער איז אַ פֿײַנער מענטש?“, שע, 'יקנה“ז'. „איך ברײַ אײַו אומיסנע אויס די אַלע זאַכן, איר זאָלט [געדענקען]“, קמ, No. 15. 3 ,l868. אויסטײַטשן, מסביר זײַן, דערקלערן מיט אַ סך רייד. „אַ שׂכל א, פֿונעם ש“ך, אָנווײַזן אין די אַחרונים אַז די אליה פֿון אָקס געהער צום רבֿ, די פֿוס צו דער רביצין אויף פּיציאַ [=פּעטשאַ],,, דלוגאַטש, וועלט־מסורה, l881. „[ע] האָט דעם ענין גוט צעקײַט, אויסגעברײַעט און דערקלערט“, הר, פֿאַרנאַכט. „...האָט מיט כּלערליי ראַיות אויסגעברײַעט די קצבֿים אַז פֿאַר זיי לוינט מער נישט...“, בערג, אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט.

אויסברילן — טרוו. בריל אויס, ~געברילט. אויסשרײַען ווי אַ לייב. א, די באַפֿעלן. „דער גענעראַל בלאָזט זיו אָן ווי אַ גריל־שלאַנג און ברילט אויס...“, ברעגמאַן, דורך קריג און

רעוואָלוציע.
אויסבּרילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסבּרענגען קלאַנגען (פֿון) ווי אַ לייבּ און
אויפֿהערן. אויך שפּאַסיק: אָנהייבּן טראָגן בּרילן.
אויסבּריסטן — טרוו. בּריסט אויס, ~
געבּריסט. פֿרגל אויסבּרוסטן (זיך) ←. אָנטאָן
(אַרײַנלייגן) פֿאַלשע בּריסט. א, דעם פֿאָרנט.

אויסבּרעכן

אויסבּריסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געבּויסקעט פֿאַרשפּריצן מיט בּלאָטע, אויסשמוצן.

.

אויסבּר▯ען — בּרי אויס, ~געבּריט (אויך
~געבּרִיעט). 1. אויסרייניקן דורך בּאַגיסן
מיט (אָדער האַלטן אין) זודיק וואַסער. „אַליין
טוט זיך ▯.ט, איין בּעט בּאַדאַרף מען אויו
א, [צו בּאַפֿרײַען פֿון וואַנצן] און כּשר מאַכן“,
יודישער פֿאַר־פּסח, 1881. „מע קען ניט וואַשן
די טעלער מיט לעפּלעך וואַסער, מע דאַרף
זיי א',.. „כ'האָבּ פֿון מײַן מאַמען [מײַן שפּראַך]
טיף אײַנגעזויגן, ס'האָט מיר איר טרער יעדן
אות אויסגעבּריט“, לאַפּין, צייכנס. 2.
אויסכּשרן מיט צעגליטע שטיינער. א, אויף פּסח.

3. בריִען אַ צאָל זאַכן. א, אַלע כלים. 4.
אויסוואַרעמען. א, אייער; א, הינדעלעך. „דיא
העָן...זיבּן יונגין הינליך בּריאט זיא אויז„,
ספֿר משלים, פֿפֿדמ, תּמ״ז. „די שוואַרצע
טויבּ, וואָס מע רופֿט זי נאַכט, האָט...זיך
אַנידערגעזעצט אויף די גילדענע אייעלעך
[=שטערנדלעך] אַ ווײַסן זומערטאָג
אויסצובּריִען“, אשט, מײַסעלעך. *וואָס ועסטו א,?
= וואָס ועסטו אויסזיצן, אויפֿטאָן מיט זיצן?
5. אויסצײַטיקן מיט עפּעס וואָס בּריט (כּעס,
ווייטיק). „...אַדיסדרוקן וואָס זײַנען אויסגעבּריט
געוואָרן אין די קעלערן פֿון האַס„, יג, תּוך.
„די שטומע בּליקן פֿון די אַרומיקע האָבּן אין
אים גענומען א, ווערטער, וואָס ער אַליין וואָלט
זיי...נישט געקענט צונויפֿשטעלן“, שטריגלער,
אינזלען אויף דער ערד. 6. אויפֿקאָכן. א, מילך.

אויסבּר ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסוואַרעמען; זיך אויסהאָדעווען. הינדעלעך
בּריִען זיך אויס פֿון די אייער. „ווער זאָל
זיך ריכטן אַז דווקא אין דעם צימערל...דווקא
דאָ זאָל זיך אויסבּריִען אַ שלאַנג?„, אָפּאַ,
'קוילנגרעבּערס'.

אויסבּריקע(נע)ן, ~בּריקעווען — טרוו.
־קע(ווע) אויס, ~געבּריקע(ווע)ט.

אַוועקשטויסן מיט אַ פֿוס. אַוועקקאָפּען; איבערקערן מיט אַ בריקע. זיך לאָזן מעלקן און א, דאָס שעפֿל מילך. *א, די דוויניצע = א) זיך פֿאַרקאַפּריזעווען; ב) אַרויסוויַיזן אומדאַנקבאַרקייט; ג) קאַליע מאַכן אייגנס אָדער פֿרעמדס.

אויסברעד(ז)יען — טרוו. ברעד(ז)יע אויס, ~געברעד(ז)יעט. סל. ריידן פֿון היץ און אויסזאָגן; אויספלאַפּלען אָפּדאַכטעגישן; אַ סך ריידן וועגן אומרעאַלס.

אויסברעטערן — טרוו. ־טער אויס, ~ געברעטערט. אויסלייגן מיט ברעטער. א, דעם צוגאַנג צום שטיבל.

אויסברעכן 1 — אוטוו. ברעך אויס, ~ געבראָכן. 1. זיך אָנהייבן מיטאַמאָל, מיט כּוח. „דער שטורעם ברעכט אויס“. א, אין אַ געשריי. „ער פֿלעגט אויסברעכן אין אַ געזאַנג“, ל. שאַפּיראָ. „ס'בלאָזט מיט שטאַרקייט דער ווינט... ער מוז דאָך ענדלעך א', אָט דער ניַיער שניי„, בערג, נאָך אַלעמען I. „...ברעכט אויס אין אַ הייסן זונעגשיַינענדיקן טאָג אַ שטורעמווינט וואָס קערט הימל און ערד“, לדב. „פֿון דעמאָלט אונטערן האַרץ ביַי אים אַ קוואַל אויסגעבראָכן„, אשט, מיַיסעלעך.

2. זיך אָנהייבן — וועגן אַ געשעעניש וואָס

בינדט זיך מיט גוואַלדמיטלען, מיט סכּנה.
מלחמה, רעוואָלוציע, מרידה. אַ סטרײַק בּרעכט

אויסבּרעכן

אויס. „צווישן דעם פֿאַרגליווערטן עולם איז
מיטאַמאָל אויסגעבּראָכן אַ פּאַניק“, שע, אין
שסורעם. „געקויפֿט די דאַטשע נאָך איידער
עס האָט אויסגעבּראָכן די וועלט־מלחמה“, ספּ,
סודות. „וואו בּאַהאַלט מען זיך אין פֿאַל אַז
עס וועט טאַקע א, אַ פּאָגראָם?“, אר, 'בּײַם
סטרוזש'.

3. זיך אָנהייבּן — וועגן אַ געשעעניש וואָס
בּינדט זיך מיט פֿײַער, אויפֿרײַס, טומל,
קנאַלערײַ. „דער וואולקאַן בּרעכט אויס, ער שפּײַט
ווידער מיט פֿײַער און רויך„; „נאָך דער
שטילקייט פֿון לאַנגע שעהן בּרעכט די קאַנאָנאַדע
ווידער אויס“; „ווי גוט ס'וואָלט געווען ווען אַ
פֿײַער בּרעכט אויס און פֿאַרבּרענט אַלע
זאַליאַזנע קראָמען„, שע פֿונעם יאַריד. „ער

,

האָט זיך געשטעלט אויף דעם פּסוק (שמות
כ״ב) וכי תצא אַש...אַז אַ פֿײַער וועט א',„
קמ, 25 1865, No.

4. זיך אָנהייבּן — ווען אַן עפּידעמיע, קייט פֿון אומגליקספֿאַלן. „עטלעכע טעג פֿאַר דער חתונה האָט אויסגעבּראָכן אין ווילנע די כאָלערע“, קאַהאַן, אַהרן ליבּערמאַן.

5. זיך אָנהייבּן — ווען פּלוצלינגדיקע אויסדרוקן פֿון געפֿילן. אַ געוויין, געלעכטער, היסטעריע. „וואָס פֿאַר אַ געלעכטער דאָ וואָלט אויסגעבּראָכן און וואָס פֿאַר אַ פּעטש דאָ וואָלטן געפֿלויגן“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. „און לײַכט אין צאָרן בּרעכט ניט אויס, צאָרן רוט אין נאַרן־שויס„, פּרץ. „און א, פֿלעגן מיר טרערן פֿון פֿרייד, און וויינענדיק פֿלעג איך

. ◌ .

איר שווערן...“, אַל, 'ייִדיש'.

אויסבּרעכן 11 — טרוו. ← דפֿוו. 1. בּרעכן און דורכבּרעכן אַ לאָך, אַ דורכגאַנג; אויסהאַקן, אויסשלאָגן, אויסקלאַפּן, אויסזעצן. א אַ

,

שויבּ, א, אַ דורכגאַנג אין מויער, א, אַ נײַעם וועג דורכן וואַלד. „ער זוכט אויבּ ער עצווש קונט האבּן, דא ער מיט קונט אויש בּרעכן אודר גראבּן“, בּבֿא־בּוך, 257. *א, דעם יומטובֿ (שבּת) = קאַליע מאַכן, פֿאַרשטערן. „קופּערנע הימלען בּרעכן אויס דעם יום־טובֿ...

שלוקערצן מיט רעגנס ווי אין נחס צײַטן“,
בערג, בײַם דניעפּער. *אויסגעבראָכן — און
גנבֿעט ווײַטער [ווש מיט אויסברעכן III].
2. צעקלאַפּן, אַרויסהאַקן, איבערברעכן אַ
ביין. א אַ פֿוס. א, די ציין. קללה: „זאָל ער
,
א, די הענט מיט די פֿיס„. „ער אַש איין שטוק
ברוט און, מוכט ניט מין...אם קעז האָט ער
שיר אויז גיברוכן די צין“, בבא־בוך, 224.
„סײַדן אַראָפּשפּרינגען און צעשלאָגן דעם
קאָפּ אָדער ווייניקסטנס זיך א, אַ פֿוס“, ממוס,
מסעות. „איך וועל אים א, אַלע ציין פֿון מויל“.
*א, זיך די ציין = לייענען מיט גרויס
שוועריקייט. „ס'פֿעלן ציין אים און עס פֿעלט האָר:
ציין — פֿון ברויט מיט זאַמד אויסגעבראָכן“,
ממום, יודל. *א, עמעצן די פֿיס — אויך:
אַרומיאָגן, שטאַרק מטריח זײַן. “קומט ער
זיך צו שלעפּן קיין אַדעס, שטעלט זיך אין
אַ האָטעל און ברעכט אויס שדכנים די פֿיס,
מע זאָל אים צוקלײַבן אַ כלה“, קמ, 1867,
No 9. *א, זיך די פֿינגער = אויך: אויסקנאַקן
די פֿינגער. „...האָט זיך אויסגעגענעצט און
אויסגעבראָכן מיט אַ קנאַק די פֿינגער, אַ פֿרעג
געטאָן...„ אר, 'איבעריקער מענטש'. א, פֿון

פֿינגער = אויסזייגן פֿון פֿינגער,
אַרויסבּרענגען עפּעס אָן אַ סמך, יסוד. ,,אויב [ער] מיינט,
אַ געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק...בּרעכט מען אויס
פֿון פֿינגער, האָט ער אַ גראָבן טעות“, ייִפֿאָל,
5 1888, No, בּײַלאַגע. [א, אַ פֿוס, אַ האַנט =
אויך: אויסלינקען.]
3. צעבּרעכן אַ צאָל זאַכן. ,,א, אַ העלפֿט
גלעזער“. 4. (זעצערײַ) אויסשטעלן דעם זאַץ
אין בּאַזונדערע זײַטן. א, די זײַטן. 5. (
שנײַדערײַ) אויסאַרבּעטן אַ קאָלנער פֿון אַ מלבּוש.
א אַ קאָלנער.

,
אויסבּרעכן 1l1 — טרוו. ← דפֿוו. 1.
אַרויסבּרענגען צוריק דורכן מויל וואָס מע האָט
פֿריִער אַרײַנגענומען אין מאָגן, אויסמייקענען.
א, דאָס גאַנצע עסן. *א, די גרינע גאַל (מיט
גרינער גאַל) = א) זייער שטאַרק מייקענען; בּ)
זיך מאַטערן, שווער האָרעווען. 2. אָפּגעבּן צוריק
קעגן ווילן (גנבֿיש). ,,מע כאַפּט מיך בּײַ דער
האַנט. נו, האָב איך געמוזט א',. ,,א, מיט

בּ⃞רעכז זי — אוטוו. ← דפֿוו. ־]. זיך
ך
די רויב און מערדערײַ", פּמ, מלחמה.
אוי
אַרויסרײַסן, זיך באַפֿרײַען; זיך אויסרייניקן.
א, זיך פֿון תּאוות. "...זענין תּפֿוס גיוועזין,
האָבּן זיך אויס גיבּראָכן אויס דער תּפֿיסה",,
שו,,ת פּני יהושע, אַמשט, 2 .1715. אָן
בּכיוונדיקן אַרײַנמיש פֿון זײַטיקן כּוח
צעבּראָכן ווערן. ,,עס בּרעכן מיר זיך אויס ווי
ציין — די טעג און יאָרן", פּמ, וואָכנטעג.
אויסבּרעכעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
פּראָצעס פֿון אויסבּרעכן 2. III & II. דאָס וואָס
מע בּרעכט אויס (← אויסבּרעכן III, בּ1).
,,...טאָפּטשעט זיך אין זײַן אייגענער א,,,, ייִש,
איק, ר,,ה תּש"ו.
אויסבּרען — דער. אַקט פֿון אויסבּרענען.
אויסבּרענג — דער. 1. הוצאה, קאָסטן.
דער א, שטײַגט אַריבּער די הכנסה. 2.
איבּעריקע הוצאה פֿאַרשווענדונג. ,,קויפֿן אַזאַ
,
טײַערן חפֿץ איז טאַקע אַן א',,. 3
פֿונאַנ.
דערטייל, פֿאַרקויף. דער א, פֿון דער גאַנצער

מחורה.
אויסבּרענגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבּרענגען.
אויסבּרענגעכץ — דאָס, ־ן (־ע). דזוו אויסבּרענג; איר וועגן איבּעריקע הוצאות.
אויסבּרענגען — טרוו. בּרענג אויס, ~ געבּראַכט, ~געבּרענגט. 1. סתּם אויסגעבּן. ,,דאָס גוטע קען מען ניט א, און דאָס שלעכטע ניט אײַנקאַרגן‘‘, שוו. ,,דער אמתער בּן־מלך, ער האָט אויסגעבּראַכט זײַן געלט‘‘, נחבּ. 2. אויסגעבּן צו פֿיל, מאַכן גרויסע הוצאות. ,,פֿון אלירלייע ארבּיט בּרענגט עפּיס אײַן, נאָר פּלוידערן מיטן מויל בּרענגט עסרובֿ אויס,,, מס, משלי, יד, 23. ,,און אַליין בּרענגט זי דעם מאַן אויס — ווייס איך אויף וואָס — הונ.. דערטערס‘‘, ממוס, ווינטשפֿ.
3 פֿאַרשווענדן פֿאַרטאַכלעווען. פּטרן. ,,ער

. ,

בּרענגט אויס אַלע כּוחות אויף גאָרנישט,,.
,,אַ חכם וויל מען ניט מאַכן פֿאַר קיין ממונה איבּער די אוצרות, וואָרן טאָמער דאָרף זײַן חכמה וועט ער א, די אוצרות‘‘, נחבּ. ,,אַן אַנדער אשה וואָלט א, דאָס געלט אויף פֿאָרן אין וואַרעמבּעדער אָדער אויף פּוסטע זאַכן‘‘, יד,

אבן נגף. „אַ האַלבּן לעבּן אויסגעבּראַכ   יצט

אויסבּרענגעניש

זיצט אַ נאָר אין מיטן נאַכט, דעם קאָפּ באַגראָבּן
אין די הענט“, הר, אונטער גאָטס הימלען.
4. אָפּקאָסטן עמעצן אַ סך געלט, בּדלות
שטעלן. „ער האָט אויסגעבּראַכט זײַנע
עלטערן בּיזן לעצטן גראָשן“.
5. אויספֿאַרקויפֿן. „...האָט זיי אַלע
אויסגעבּראַכט אויפֿן לויט„, ממוס,
קליינמענטשעלע. „איך זע וואָס גיכער א, דעם קרוג [מיט
קוואַס] און לויפֿן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג“,
שע, מאָטל דעם חזנס. „ער האָט געהאַט
היימישע פּאַפּיראָסן צו פֿאַרקויפֿן און ער פֿלעגט
זיי א, אין בּית־מדרש“, ווײַס I, 'דער אָרעמער
יונג'. 6. אויסניצן, פֿאַרניצן, בּאַניצן. „ער
עפֿנט טאַקע מיטן קאָפּ די טיר, ס'איז אָבּער
אַלץ כּדאַי — אַבּי אויסגעבּראַכט אַ
גלײַכווערטל“, שע, קליינע מענטשעלעך. „די
בּעסטע כּוחות אויסגעבּראַכט אויף נויט, אויף
פּײַן“, אר, 'דער הימל'. „די ווואילע־יונגען מיט
די פּיסקעס האָבּן דאָ אויסגעבּראַכט זייערע

וויצן", אָפּאַ, טענצערין.

7. קלאָר אויסדריקן אַ געדאַנק, קומען צו אַן אויספּיר, אויפֿווײַזן אַ לאָגישן פּועל־יוצא. געניצט אָפּט בײַם לערנען: ,,וואָס ברענגט דאָ רבא אויס?"; ,,וואָס ברענגט אויס דער תּוספות?,,; ,,וואָס ווילסטו אויסברענגען מיט די רייד?,,. ,,איך וויל נאָר דערמיט א, אַז אַמאָל קאָן מען פֿון גרעסטן אומגליק אויך האָבן אַ שטיקל נוצן", שע פֿון כּתרילעווקע. 8.

צי,

טירן, ברענגען עמעצנס רייד (בײַם לערנען).

9. דערציילן, אַ ירבּרענגען, אויסדריקן אויף אַ געראָטענעם אופֿן. ,,און האָט זייער גוט אויסגעבראַכט [די דרשות] צווישן לײַטן,,, אמד.

1O. אַרויסווײַזן אַן אייגנשאַפֿט. ,,מיט אַזעלכע מעשׂים ברענגט ער אויס זײַן שלעכטע טבֿע".

11. אויסגעבן אַ קינד, חתונה מאַכן. ,,איך האָב שוין אויסגעבראַכט מײַן בת־יחידה".

12. אַרכ. מאַכן עס זאָל פֿאַרשווינדן. ,,איינר דר איין פֿלעקן אין איין קלייד ברענגט, ווען מן דען פֿלעקן בלד אויז מאַכט, דאָ איז זיך פֿלעקן גרינג אויז צו ברענגן", לט1, 2/37. ,,אַז איך וועל אויסשטודירן, נעם איך זיך אויסצוברענגען...אַלע פֿאַרצײַטיקע נאַרישקייטן,,,

מ״ב מקאָוונאָ [בּרעגאָווסק‎]‎, היסטאָריע, דער תּנאָים אָן אַ חתן, ווילנע 1876. 13. אַרכ. ארויסבּרענגען. ,,...ווש ער נון איין אונ, אַנדרי ביפֿעהל האָט אויש גיבּראַכט‘‘, גה, 391.

אויסבּרענגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך לאָזן קאָסטן; אויסבּרענגען מיט די בּבּ 1—3.

,,אופּט פֿאַר בּרענגט איינר און דער מיט בּרענגט ער זיך נאָך מער איין, און איינר וואָס שפּאָרט איין איבּרן יושר בּרענגט ער זיך נאָו אויס‘‘, מס, משלי, יא, 24. ,,און פֿאַרוואָס זאָלט איר זיך אויף מיר אַזוי א'?,,, ממוס, ווינטשפֿ.

,,עס איז נייטיק זיך אַפֿילו בּיז דעם העמד אויסצובּרענגען אַבּי אַ נגיד זאָל מען זײַן,,, קמ, 44 l867, No. ,,מ'האָט זיך גענוג אויסגעבּראַכט בּיז מ'האָט זי חתונה געמאַכט‘‘, ספּ. ,,אַ מענטש דאַרף זיך ניט א, אויף שבּת מיט מער וויפֿל ער קען בּאַהויפּטן,,, ייִש, ספֿר שבּך‎].

אויסבּרענגעניש — דאָס (די), ־ן. 1. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסבּרענגען.

אויסבּרענגער

2. רעזולטאַט פֿון אויסבּרענגען (ספּעצ בּבּ

.(9—7

אויסבּרענגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס בּרענגט גרינג אויס געלט; פֿאַרלעבּט אַ סך געלט; פֿאַרשווענדער. „מנשה איז אַ געזונטער יונג, אַ האָרעפּאַשנער. איז ער אָבּער אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ נאַשער, אַן א',,, שע, ,קאָנקורענטן'. „אפֿשר האַלט איר מיך פֿאַר אַ שאַרלאַטאַנקע אָדער אַן א'ין?“, ספּ, סודות. פֿוול. דער מאַן צו דער ווייַבּ דער א'קע: „נאַ דיר מיַין בּיַטל און פֿיר דו די הוצאה“.

2. טעכט פֿאַר אַ בּאַזונדערן מין פּלפּול [ווען מע בּרענגט ווי אַ ראַיה אַ גאַנצע משנה (אָדער בּריתא) און דערבּיַי וואָלט פֿאַרן ענין געווען גענוג צו בּרענגען בלויז אַ טייל, לאָמיר זאָגן בּלויז די רישא (דער אָנהייבּ) — קומט אויף די קשיא: וואָסער טעם שטעקט אין אויסבּרענגען די גאַנצע משנה? וואָס קען מען אַרויסדרינגען פֿון די אַנדערע טיילן פֿון דער משנה (אָדער בּריתא) וואָס אויבּנאויף האָבּן זיי ניט קיין שיַיכות צום ענין? דאָס אויסגעפֿינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די איבּעריקע טיילן פֿון דער משנה אָדער בּריתא מיטן בּאַטראַכטן ענין האָט מען אין די אַלטע

ישיבֿות פֿון דײַטשלאַנד גערופֿן א'].
אויסבֿרענגערײַ — דאָס & די, ־ען. 1. טואונג פֿון אויסבֿרענגער. 2. מידה, כאַראַקטער־שטריך פֿון אויסבֿרענגער.
אויסבֿרענגעריש — אַדי. וואָס איז ווי אַן אויסבֿרענגער. „די נאַטור איז אָפֿט זייער א', זי קען אָבער אדיך זײַן גאַנץ קאַרג“. „דער פּאָליאַק איז א', אָבער אין דער זעלבֿיקער צײַט...“, מוק, מײַנע באַגעגענישן I.
אויסבֿרענגערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסבֿרענגעריש.
אויסבֿרענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסבֿרענען; שטח וואָס איז אויסגעבֿרענט געוואָרן. „מע האָט אַ טייל וואַלד אויסגעבֿרענט און די א, צעאַקערט און פֿאַרזייט“.
אויסבֿרענען — אוטוו. בֿרען אויס, ~ געבֿרענט. 1. בֿרענען בֿיזן פֿאַרצערן דעם בֿרענשטאָף. די ליכט בֿרענען שוין אויס. דאָס האָלץ אין אויוון האַלט בֿײַם א'. „עז איז מותּר צו ליגן מער צוכן אין איין טיגל דר וואַרטן דש עש זאָל באלד אויז בֿרענן“, לט1, 2/83. 2. בֿרענען בֿיז ווערן אינגאַנצן טרוקן. „אַפֿילו די מקווה האָט אויך אויסגעבֿרענט

ביזן דעק״, שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע. ,,...מײַן
קאָרנפֿעלד זאָל ניט פֿאַרדאַרן, ניט א, דער
ברונעם פֿון געזאַנגען,,, י. ראָלניק, ,אונדזער
היים בײַ גאָט,. 3. ברענען און אויפֿהערן;
ניט האָבן מער אין זיך קיין פֿלאַם. ״איך האָב
נאָר דײַן ליבע געליבט, זי איז געווען טײַער.
נו, האָט זי דיר איצט אויסגעברענט,,, אר.
,,ווי כ'וואָלט מיט פֿרייד באַגריסן אַ פֿלאַם
וואָס ברענט און ברענט ניט אויס״, הל.
,,די נאַכט האָט אויסגעברענט, איר
גרינגרוי אַש איז געפֿאַלן אויף מײַן חלום״, נאַד.
אויסברענען — טרוו. ← דפֿוו. 1.
פֿאַרברענען ביזן סוף (אַ צאָל זאַכן); אויסראָטן

1□9

מיט פֿײַער. א, ביזן (מיטן) וואָרצל. ,,אַ
פֿײַער האָט אויסגעברענט ביז איין גרעזעלע,,,
ממוס, קליאַטשע. אויך פֿיג. ,,עול־התּורה
ברענט אויס דעם ווילדן, שלעכטן גײַסט״,
לדב. 2. מאַכן מיט פֿײַער אַ לאָך (אַ חלל);
צייכן, סליאַד. א, מיט אַ פּאַפּיראָס אַ לאָך אין
טישטעך. א, אַ שטיקל פֿעל אויפֿן רוקן.
,,כ'וויל אין דײַן כּותל...מיט טרערן א, אַ

שפּאַלט“, צײַט, ‚געזאַנג לכּבֿוד ירושלים'. *א, עמעצן די טריט = רודפֿן, פּײַניקן, נקמה נעמען. *עס בּרענט אויס אַן אויג = עס פֿאַרכאַפּט מיט גלאַנץ, מיט שײנקייט.

3. באַגיסן, באַשמירן מיט עפּעס וואָס עסט אויס אָדער פֿאַרשאַפֿט ווייטיק ווי בּײַם אָפּבּרענען זיך. א, די וואונד מיט יאָד. „זי וואָלט זײַנע אויגן א, מיט אָליום“, חיים פּעט. „פּרוּוו, קוק [דער זון] אין פּנים אַרײַן, בּרענט זי אויס די אויגן“, עט, לידער.

4. אויסהײלן מיט היץ, שטראַלן. א, די קראַנקע קעמערלעך מיט איקס־שטראַלן. „מיט דעם דאָזיקן פֿינזען־לאָמפּ וואָלט מען אפֿשר געקענט בּיסלעכווײַז א, מײַן גאַנצע קרענק“, דטש, ווילנע. 5. פּראָדוצירן דורך היץ, בּרענען; אויסדיסטילירן. א, בּראַנפֿן, אָקאָוויט. „זיי האָבן אַלע טאָג אויסגעבּרענט 3 בּיז 4 עמער בּראַנפֿן“, ייִפֿאָל, 24 1882, No. *א אַן אויוון

,

(רובּע) = שטאַרק אויסהייצן צו כּשרן אויף פּסח.

6. איבּערגיסן אין אַ צעשמאָלצענער פֿאָרעם; אויסלײַטערן מיט פֿײַער. “די אַלע מיט

זילבער געשטיקטע מלבושים...אַז זיי זענען שוין גאָר אָפּגעניצט געוואָרן, האָט מען זיי אויסגעבּרענט אויף פֿײַנזילבּער", ארז, קמ, .No ,18 4

7. צווינגען מיט פֿײַער אַרויסקומען פֿון באַהעלטעניש. אונטערצינדן די קוסטעס און א, דעם אַנטלאָפֿענעם. 8. אויסליידיקן אַזוי ווי מיט פֿײַער. ,,בּייזע רייד בּרענען אויס האָפֿענונג,,. ,,אַ האַלבּן לעבּן אויסגעבּרענט און האָבּ דײַן וועלט נאָך ניט דערקענט,,, הר, אונטער גאָטס הימלען.

אויסבּרענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פּאַמעלעך פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַש. דאָס האָלץ בּרענט זיך אויס. 2. בּיסלעכווײַז אויפֿהערן זײַן אויפֿגערעגט, דערצאָרנט. "לאָז אים אָפּ, ער וועט אַליין זיך א'".

אויסבּרענער — דער, ־ס. 1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסבּרענען. 2. מכשיר אויסצובּרענען (מוסטערן אין האָלץ); ספּעציעל געצײַג בּײַ אַ שמיד.

אויסבּרעקלען — טרוו. ־קל אויס, ~ געבּרעקלט. דזוו אויסבּראָקן. פֿאַרניצן טייג, געבּעקס צו מאַכן בּרעקלעך, בּרויזלעך. א, די אַלט־געבּאַקענע חלה. *א, פֿאַרפֿל — מאַכן

פֿאַרפֿל.

אויסבּרעקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. בּרעקלען זיך און אויפֿהערן; מאַכן אָנשטעלן, זיך האַלטן גרויס (וואוילויונגעריש).
2. אַרויסקומען אין פֿאָרעם פֿון אַ בּרעקל. „ער האָט זיך אפֿשר גיכער אויסגעבּרעקלט פֿון דער טאָרבּע וואָס דער זיידע האָט ציטעריק געטראָגן...“, פּמ, 'דוד האָפֿשטיין'.

אויסגאַוועגד(ז)ען זיך

אויסבּתנאַיען — [...בּיטנײַ'ען] טרוו. בּתנאַיע אויס, ~(גע)בּתנאַיעט. (סוחריש) אויסריידן אַלע מעגלעכע תּנאָים. „דאָכט זיך אַז ער האָט אויסבּתנאַיעט וואָס עס האָט נאָר געקאָנט אַרויף אויפֿן זינען, לסוף האָט מען אים פֿאָרט אָפּגענאַרט“.

אויסגאָבּ — דער, ־ן. 1. רעשט(ע) פֿון אַ גרעסערער מטבּע אָדער פּאַפּירגעלט בּײַם קויפֿן; קליינגעלט. א, פֿון אַ רובּל, אַ דאָלאַר, אַ פֿינפֿער אאַזוו. „ער גיט אַ זיפֿץ און וואַרט אויף אויסגאָבּ„, פֿוול = איר וועגן אַ קאַרגן. *געבּן א, פֿון אַ קנעפּל = ניט שולדיק בּלײַבּן קיין ענטפֿער. וועלן א, = איר, וועלן

עפּעס קריגן, בעת מע האָט אַליין ניט געגעבן.
2. אָפּגאַנג פֿון סחורה. „אין סעזאָן וועט דער
א, זײַן אַ בעסערער“. 3. הוצאה,
אויסבּרענג. „לאָמיר עס בעסער ניט קויפֿן, ס'איז
אַ גרויסער א,“. „וויא דער מענש זאָל זיך...
הלטן מיט זיין אויש גאב אונ מיט אויף
ציהן זיין קינדר“, עיון, הקדמה. „איין גוט
הערץ אונ, גוט אויג טוט זיין אויז גאב ניט
פֿר דריסן“, □tה [= דאָס אויסגעבן אויף
צדקה]. 4. צוקום, צוּוואוקס בײַם באַקן,
קאָכן. ״ס'איז שווער פינקטלעך
אויסצורעכענען דעם פּראָצענט פֿון א, בײַם באַקן“.
5. אָפּקום, אָפּפֿאַל נאָכן דרעשן, מלויצען.
6. ענטפֿער מ□ט נאָך גרעסערע זלזולים אויף
זלזולים, שאַרפֿע רייד.
אויסגאַבן — די, געוויינלעך מצ. דטשמ.
הוצאות. האָבן גרויסע א'. זעלטענער אצ: אויסגאַבע.
אויסגאַבע — די, ־ס. (־בן, מצ, דטשמ, נר).
1. דרוקזאַך פֿון עטלעכע זײַטן אָדער מער;
בראָשור, זשורנאַל, בוך. פּעריאָדישע א, =
וואָס קומט אַרויס לויט אײַנגעשטעלטע
צײַטאָפּשניטן: וועכנטלעך, חודשלעך אאַזוו.
גיטפּעריאָדישע א, = וואָס קומט אַרויס פֿון
צײַט צו צײַט. איינמאָליקע, צווייִמאָליקע

אאַזוו פֿאָלקס־א, = פּאָפּולער, באַשטימט

פֿאַרן ברייטן עולם; וואָלוול. שול־א, =
באַשטימט פֿאַר דער שול. 2 פֿאָרעם פֿון
אויס.
גאַבע. „זע, סאַראַ וואונדער־שיינע א,!“.
דעלוקס־א, = לוקסוסדיקע, טײַערע א'. 3.
אויפֿלאַגע, פּובליקאַציע אין אַ באַשטימטער צאָל
עקזעמפּלאַרן. „די ערשטע צוויי א'ס זײַנען זיך
צעגאַנגען“. די זעלטענע ערשטע א, פֿון דעם
בוך.
אויסגאָגאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
גאָגאָטשעט. רוסיצ. אויסדריקן עפּעס דורך
קלאַנגען, ענלעכע צו גאָ־גאָ (ווי אַ גאַנדז).
אויסגאָגאָ'טשען זיך — אומוו. ← דפֿוו.
פֿאַרענדיקן פּלאַפּלען. זיך אָנלאַכן און זיך א,
און ווערן שטיל.
אויסגאַגערן — ־ער אויס, ~געגאַגערט.
אומוו — אָנהייבן צו גאַגערן, אַרויסגעבן
די קלאַנגען גאַ־גאַ, (ווי) פֿון אַ גאַנדז, קאַטשקע.
טרוו — 1. דורך גאַגערן עפּעס אויסדריקן.
2. ריידן אַ סך.
אויסגאַוועגד(ז)ען — טרוו. ־ד(ז)ע אויס,
~(גע)גאַוועגד(ז)עט. פּר. אויספּלאַפּלען;

טומלדיק און אַ סך אויסדערציילן.

אויסגאַוועַנד(ז)ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
פּר. פלאַפּלען און פֿאַרענדיקן; דורך רייד,

אויסגאַוו□רן

וויצלען זיך, אַרומשפּילן מיט אַ גרופּע. זיך
א, מיט אַלע בחורים.

אויסגאַווערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געגאַוווערט. 1. אַרויסבּרענגען גאַוווער;
שפּריצנדיק מיט גאַוווער, שפּײַעכץ, אַרויסבּרענגען
(פֿאַראיבּל, כּעס אאַ). 2. אַרויסזאָגן מיט
בּייזקייט. 3. רעדן צו פּאַמעלעך. בּבּ
□יר.

אויסגאַווערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
גאַווערן און אויפֿהערן.

אויסגאַזן — טרוו. גאַז אויס. ~געגאַזט.
1. אויססמען מיט גאַז אַ גרופּע, פֿאַרגאַזן.
„דעם גאַנצן וואַגאָן ייִדן האָט מען
אויסגעגאַזט“. 2. מיט גאַז אויסהרגענען אינסעקטן,
אויסרייניקן פֿון בּאַצילן.

אויסגאַז(ע)ן — טרוו. גאַז(ע) אויס, ~
געאו□□□לאָפּירן

— ־פיר אויס, ~גאַלאָפּירט.
ע ט. אויסשמירן מיט גאַזע, קעראָסין.

אוטוו — (וועגן אַ פֿערד) ווילד ווערן און פּלוצעם, אָן קאָנטראָל פֿון רײַטער, זיך אַ לאָז טאָן גיך לויפֿן. א, און אַראָפּוואַרפֿן דעם רײַטער. אַקוזוו — אין גאַלאָפּ, גיך און מיט שפּרינגענישן דורכרײַטן אַ שטח; דורכגאַלאָפּירן. א, דעם גאַנצן וועג.

אויסגאַלאָפּירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

גאַלאָפּירן און אויפֿהערן; זיך דורכרײַסן גאַלאָפּירנדיק. (וועגן אַ פֿער) זיך דורכלויפֿן אין גאַלאָפּ.

אויסגאָלדן — טרוו. גאָלד אויס, ~געגאָלדט.

דזוו אויסגילדן ←. אויך מיט ז י ך. „מיר גאָלדן זיך אויס מיט אָבֿותעס גרויס, מיר זײַנען אין לײַדן געלײַטערט,,, קוו, ,פֿון די קוימענס'.

אויסגאַלוואַניזירן — טרוו־ ־יזיר אויס, ~גאַלוואַניזירט. 1. דורכפֿירן עלעקטרישן (גאַלוואַנישן) שטראָם דורך אַ צאָל מעטאַלן, אבֿרים, קערפּערס [ווי אַ היילמיטל אָדער בײַ דעמאָנסטרירן אַנאַטאָמישן גאַלוואַניזם]. 2. באַדעקן בלעך און אײַזן מיט צין (צו פֿאַרהיטן

פֿון ראָסט).

אויסגאַלן —, טרוו. גאַל אויס, ~געגאַלט.

א􏰀סגאלן — טרוו. גאָל אויס, ~געגאָלט.

ארויסבּרענגען בּיטערניש, גאַליקייט. א, רציחה.

􏰀

אָפּט מיט ז י ך. 1. אויסשנײַדן מיט אַ שאַרפֿן אינסטרומענט טייל האָר. א אַ פּאַס —,

אין מיטן קאָפּ. ,,האָט מיר בּאַלד טאַקע אויף דער פּאַטעלניצע אויסגעגאָלט עטלעכע קײַלעכדיקע רעדלעך", ממוס, קליאַטשע. 2. גאָלן אַ צאָל.

אויסגאַלקע(ווע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אויס, ~געגאַלקע(ווע)ט. דורכפֿירן בּאַלאָטירוגג (מיט גאַלקעס).

אויסגאַנג — דער, ־גענג, ־ען. 1. אָרט פֿון וואַנען מע הייבּט אָן גיין; אָרט דורך וועלכן מע גייט אַרויס, אַרויסגאַנג. ,,דאָס מויל איז דער א, פֿון דעם רוח און זײַן אַנטפּלעקונג", תּניא, 278. ,,אַן אָרעמע קעלערשטובּ, די א' סטיר אין הינטערגרונט,,, פּרץ, דראַמאַטישע שריפֿטן. "דער מענטשנשטראָם איז שוין לאַנג

אַרויסגערונען דורך די פֿילע אויסגענג“, למד שאַפּיראָ. 2. דאָס אַרויסגיין, אַקט פֿון אַרויסגיין. „ישׂראל זאָל אַנטלײַען זילבער און גאָלד אין א, פֿון מצרים„, צור, שמות.

„הלוואַי העט איך פֿון א, מײַן מוטערס לײַב גלײַך געשטאָרבן“, פֿאַוויר, גדולת יוסף.
3. אויסוועג, ברירה, מיטל זיך צו באַפֿרײַ.. ען פֿון אַ שווערער סיטואַציע. ניט זען קיין א'. „איר געפֿינט שטענדיק דעם בעסטן א, פֿאַר יעדן אומגליקלעכן„, ספּ, גליקלעכע און ומגליקלעכע. „אָ, לײַטער זיך, האַרץ מײַנס, לײַטער זיך אויס! קיין א, ניטאָ אויף דער ערד, דער צער פֿון דער וועלט איז אומענדלעך און גרויס„, אר, 'אָ, לײַטער„.
4. סוף פֿון געשעעניש, פֿון צײַטאָפּשניט. tב, ב/א: סוף = „אויש גאַנג“. „דז איז איין גוטר קעשטליכער מנהג...אויז גאַנג פֿון שבת דש מיר זאָגן און זינגן פֿון אליהו הנביא“, לט , 1/63. „זינג דאש גזאנג אַן שבת צום אויז גאַנג...„ tה II. „מע זאָל דעם רבין נישט שטערן אין דער העכסטער מינוט פֿון שעתהכושר פֿון אויסגאַנג פֿון שבת“, אַש,

תּהילים,
ייִד. 5. טויט, כלות־נפֿש. „[ער האָט]
געזונגען אַ ניגון...ביז א, ממש„, לדבּ.
6. אַרט וואו ס'הייבּט זיך אָן אַ שטראָם.
„און ווי די אינדן אויף די א'ען פֿון די
וואַסערן, אַזוי קוקן אַרויס אונדזערע אויגן צו
אונדזערע בּרידער„, שע, כּתרילעווקער נ
רפֿיס. 7. תּכלית, רעזולטאַט. „וואָס וועט זײַן
דער א, פֿון דײַן גאַנצן שטודירן?“.
8. דאָס אַרויסגיין זיך פֿאַרווײַלן; דאָס
אַרומגיין פֿון בּחור־מיידל. „אַצינדערט קלינגט
אין אַלע גאַסן אַז אונדזער א, איז געווען
אומזיסט“, פֿל. „מיטוואָך איז בּײַ זיי געוועז
דער א'ס־טאָג מיט זייערע בּאָיעס, חתנים„,
אר, ,גאָלדענע פֿרײַנד'.
9. צואה. tבּ, יד/ב. בּאר משה, דבֿרים
כג, 14; אַקט פֿון אַרויסבּרענגען
אויסשיידונגען פֿון קערפּער. „אימר זאָל מן זעהן אַז די
גדערם זאָלן שלאַף זיין כלומר ניט האַרט
לייבּיג...דען דר אויש גאַנג גיאט שווער
בּיי דעם מענשן שלאָגט פֿיל גרענק צו“,
עץ חיים פֿיורדא, תּקי“ב, ז, כו/ד. „פּרעה האָט
זיך געמאַכט פֿאַר איין גאָט. ער זאָגט, ער עסט

ניט און טרינקט ניט און ער האָט קיין א'“,
צור, וארא □ 1O. אָפּפֿאַל, בּרעכעכץ. „וואו
[=ווי] אַ הונט קערט זיך אום צו זײַן אויס
גאַנג, אַזוי איז אוך אַנאַר וואָס טיִעט אַלי
מאָל ווידר זײַנע נאַרישקייט„, מס, משלי,
כו, 11.
11. (מאַט) פּונקט פֿון וועלכן עס הייבּט
זיך אָן אַ קאָאָרדינאַטן־סיסטעם. 12. הוצאה,
אַרכ. „די זעלבּגה [רײַכע לײַט] זיין אין
מוק צו גלײַכן, די פֿיל איין נעמט אונ קין אויש
גאַנג“, עיון, 16/2.
אויסגאַנגלאָז(יק) — אַדי. וואָס איז אָן אַן
אויסוועג. א'ער מצבֿ.
אויסגאַנגלאָזיקייט — די, ־ן. שווערער מצבֿ
אָן אַן אויסוועג; אייגנשאַפֿט פֿון זײַן
אויסגאַנגלאָז. “פֿון א, געטריבּן, דעם היפּך פֿונעם
האָפֿן“, בּראָד, אויסגעקליבּענע שריפֿטן.
אויסגאַנגפּונקט — דער, ־ן. 1. פּונקט פֿון
וועלכן מע הייבּט אָן; טרעפֿפּונקט אויף
אַרויסצוגיין. 2. גרונט־הנחה פֿאַר
ווײַטערדיקן דענקען, יסוד פֿאַרן אַנטוויקלען אַ געדאַנק.
„דיכטער...וואָס...נעמען פֿאַר אַן א, נאָר

אויסנאָרסעווען זיך

סאָציאַל־קולטורעלע פּראָבלעמען,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקעך I.
אויסגאָנערן — טרוו. ־ער אויס, ~געגאָנערט. אויסשרײַען ווי אַ גאָנער; אויספּלאַפּלען.
אויסגאָנערן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. גאָנערן און אויפֿהערן. 2. איר, זיך אַרויסשטעלן ווי אַ פֿירער.
אויסגאָס — דער, ־ן. ← אויסגוס. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגיסן פֿליסיקייט. 2. פֿאַרפֿלייצונג. ,,ווען דער נילוס נאָך אַן א, האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון זײַן שטענדיקער קאָרעטע...,,, אַש, משה. 3. ים־אײַנגאָס (־גוס). ,,א, פֿון ים'', אַש, תּהילים־ייִד. 4. אויסבראָך פֿון אומגליק, אָנשיקעניש. ,,עס טרעפֿט זיך בײַ אונדז עפּעס אַן א', אַ צרה, אַ בראָך, אַן אומגליק'', שע, 'די גרויסע בהלה'. ,,אויף אונדז איז עפּעס אַן א', ערגער ווי אומעטום'', אַר, ,אָרעמע מצה,. *האַרץ־א, = א, פֿון געפֿילן.
אויסגאַראַנטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~ גאַראַנטירט פֿולשטענדיק גאַראַנטירן (פֿאַר אַ — . צאָל). א, חובֿות פֿון אַ צאָל פֿרײַנד.

אויסגאַרבן — טרוו. גאָרב אויס, ~געגאַרבס.
אויך: ~גערבן, אַרכ. 1. פֿאַרענדיקן
אויסבינדן אין גאַרבן; א, תּבֿואה אויפֿן פֿעלד.
2. אויסאַרבעטן פֿעלן פֿון בהמות. ,,א אַלע

,

פֿעלן וואָס מע האָט אָנגעגרייט". ,,נאהנט אם
שבת טאָר מן וואול איינם גוי...הויט אויז צו
או▯ר▯ר▯ ▯ ▯ ז
— טרוו. ־גל אויס, ~ג
ג   ג..."‚ לט1, 2/64.
ס▯
גלט.   אָפּט מיט ז י ך. אויך: ~גור
(זאַמעט, קורלאַנד). 1. אויסשווענקען דעם
האַלדז. ,,דאַרום זאָל זיך איין איטליכער פֿאַר
וואַל ריין מאַכן, ער זאָל זיך פֿיר אויז
גורגילן", לט1, 1/23. 2. אויסדריקן עפּעס דורך
גאָרגלדיקע קלאַנגען. 3. אויסטרינקען גיך,
מיט גאָרגלערײַ. ,,פֿאַר פֿרייד אַ פֿלאַש בראָנפֿן
געטאָן אַ גאָרגל אויס,,, אשט, מײַסעלעך.
אויסגאָרגלען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אויסטענהן זיך מיט גאָרגלדיקע קלאַנגען און
שטיל ווערן. ,,דער ברוגזער...האָט זיך
אויסגעגאָרגלט און דער ברוגז איז אַוועק,,, רייד.
אויסגאַרטלען — טרוו. ־טל אויס, ~

געגאַרטלט. 1. אָפּט מיט ז י ך. אָפּבינדן,
אַראָפּנעמען גאַרטל, באַפֿרײַען פֿון גאַרטל.
זיך א, און זיך צוזעצן. 2. אָנגאַרטלען,
אַרויפֿלייגן גאַרטלען אויף אַ צאָל; באַזאָרגן
מיט גאַרטלען. 3. מיט ז י ך = זיך
אויספּוצן מיט (אין) גאַרטלען. „האָט זיך אַ
רעגנבויגן אין זײַנע פֿאַרביקע קאָלירן
אויסגעגאַרטלט“, ווײַס, 'אַ זומערטאָג'.
אויסגאַרנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~גאַתירט.
פֿאַרפּוצן. א אַ קליידל מיט בענדלעך. א,
גע,

-

האַקטע הערינג מיט אַ ווײַסל פֿון אַ האַרט איי.
„אַ זײַדן קלייד אויסגאַרנירט„, נחמיה לאָטרי .
גער, יודישער דלות.
אויסגאָרסעווען — טרוו. ־סעווע אויס,
~געגאָרסעוועט. 1. צושנײַדן פֿרויענקליידער
מיט אַ טיפֿן אויסשניט צו אַנטבלויזן אַ טייל
ברוסט אָדער דעם רוקן; דעקאָלטירן (
שנײַדערײַ). 2. אָנטאָן אויף עמעצן, אָנפּאַסן אַ קאָרסעט.
אויסגאָרסעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. טראָגן טיפֿן דעקאָלטע'. 2. אָנטאָן אַ

סעט. „אַז זי גאָרסעוועט זיך אויס...האָב איך נאָך אַזאַ טאַליע נישט באַגעגנט!“, שע, 'יקנה“ז'.
אויסגאַרעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געגאַרעוועט. אוקר. (סטאָליערײַ) אויסהובלען שלעכט, מיט אַ סך דעפֿעקטן.
אויסגאָ'רעסן — טרוו. גאָרעס אויס, ~ געגאָרעסט. (וועבערײַ) מאַכן לאַנגע וואָלענע פֿעדעם וואָס ווערן געשפּונען געדריידלטער ווי געווײַנטלעך.
אויסגאָשטשען, ~גאָסטיען זיך — אוטוו. גאָשטשע (־סטיע) זיך אויס, זיך ~ געגאָשטשעט (־סטיעט). סל. 1. ווערן אויס גאַסט. „אַ וואָך וועט פֿאַרבײַ, זיי וועלן זיך א'„. 2. זײַן אַ גאַסט אַ לענגערע צײַט. „אָ, האָסטו דיר לאַנג אויסגעגאָשטשעט. נאָר ווי עס שײַנט איז אין דער היים דאָך בעסער“, קמ, 1867, 45.

אויסגבֿרן זיך — [...גוואַרן] אוטוו. גבֿר זיך אויס, זיך ~געגבֿרט. זיך אַרויסשטעלן ווי אַ גבֿר, העלד, שטאַרקער. אָפּט איר. זיך א,

און פֿאַרפֿירן אַ געשלעג.
אויסגדלען, ~גדלנען זיך־ — [...גאַדלע(נע)ן].
אוטוו. גדל(ען) זיך אויס, זיך ~געגדל(ענ)ט.
זיך מאַכן גרויס, וויכטיק; זיך אָנבלאָזן (מיט
געמאַכטן שטאָלץ). זיך א, מיט גלאַנציקע
שטיוועלעך.
אויסגוואַלדעווען
— ־דע אויס, ~
געגוואַלדעוועט. אויך: ~געוואַ דעווען. אומוו
— שרײַען מיט הויכע קולות; רופֿן הילף.
טרזו — אויסדריקן שרעק, ווייטיק דורך
גוואַלדעווען. א, דעם צאָרן.
אויסגוואַלדעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
גוואַלדעווען און אויפֿהערן.
אויסגווינטן — טרוו. גווינט אויס, ~געגווינט.
1. (שלאָסערײַ) מאַכן גווינטן, שרויפֿן פֿון
מעטאַל. 2. (סטאָליערײַ) אַרײַנדרייען גווינטן.
אויסגוזמא(נע)ן — [...גוזמע(נע)ן] טרוו.
גוזמא אויס, ~געגוזמאט. שטאַרק מגזם זײַן,
פֿאַרגרעסערן, וויכטיקער מאַכן. א, די
וואונדיירים פֿון רבין.
אויסגויאישן — טרוו. גויאיש אויס, ~
געגויאישט. 1. מאַכן מער גוי (ווייניקער ייִד).
„די דאָרפֿישע סבֿיבֿה גויאישט זיי אויס„.

2. מאַכן ווייניקער גוי (מער ייִד) זן. „דער
גר גויאישט זיך בּיסלעכווײַז אויס“.
אויסגויאישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן
מער גוי, ווערן גויאיש. 2. ווערן ווייניקער גוי,
אויס גוי. זן.
אויסגוידערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אויס,
זיך ~געגוידערט. אַרויסשטעלן דעם גוידער,
זיך אָנכּלאָזן, זיך האַלטן גרויס. „און ייִדישע
נייטערקעס האָבּן זיך אויסגעפּוצט און
אויסגעגוידערט“, קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער.
אויסגולמען — [...גוי'לעמען] טרוו. גולם
אויס, ~געגולמט. מאַכן פֿאַר אַ גולם.
אויסטעמפּן. א, מיט שטרענגער דיסציפּלין.
אויסגולמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
בּיסלעכווײַז ווערן אַ גולם. 2. בּיסלעכווײַז ווערן
אויס גו□ם.
אויסגומרן — [...גוי'מערן] טרוו. גומר אויס,
~געגדמרט פֿאַרענדיקן אינגאַנצן, דערפֿירן צו
.

אַ סוף, אַ תּכלית. „שוין אויסגעגליכן,
אויסגעגומרט און מע קען אַוועקפֿאָרן„, רייד.

אויסגוס — דער, ־ן. → אויסגאָס. 1.
געוויסער פֿאַרפֿלייצונג. „דאָס וואַסער איז נישט

,

געווען טיף; זענען ייִדן אַריבערגעשוואומען
אויף ברעטער די פּאָר טעג פֿון א',„ אַש,
תּהילים־ייִד. 2. אָפּגוס, אָרט וואו מע גיסט
אַרויס (אַראָפּ) וואַסער.
3. ים־אײַנגוס, בוכטע. דורכגוס צווישן
צוויי ימען, אָזערעס. 4. אָרט וואו אַ טײַך
גיסט זיך אַרײַן אין ים. „נאָר איך האָב ליב...
דעם א, פֿון די טײַכן, זילבערדיק און ריין,„
אר, 'דאָס פֿאָטערלאַנד'. 5. וואַסערפֿאַל, אַרכ.
מלל פֿאַרטײַטשט 'אשד הנחלים, (במדבר, כא,
15) — אויסגוס.
6. אויסשיט אויף דער הויט. 7.
אומגליק, אָנשיקעניש. „אַ מכּה, אַ צרה! אַ שלאַק,
אַ כּפּרה! אַן א', אַ קללה!„ שע, אַלט־ניַי
כּתרילעוקע.
8. מיטאַמאָליקער (שטאַרקער) אויסדרוק,
אַרויספֿלייץ פֿון געפֿילן, איבערלעבונגען,
געדאַנקען; השתּפּכות הנפֿש. דראַמאַטישע,
צאָרנדיקע אאַ א'ן. „זײַנע לירישע א'ן...פֿאַרלירן
אָפֿט זייער פֿיל אין דער איבערזעצונג,„ שנ,
דערציילערם און ראַמאַניסטן II. „מיר האָט

זיך פֿאָרגעשטעלט ווי איך זע דעם עלטערזיידן און ווי איך הער זײַן הייליקע שטימע אין אַ־קול,,, לדבֿ.

9. העלדזל פֿון אַ כּלי. ,,איין כּלי וועלכעס איין שמאָלן אַ, האָט, דערף מאַן זיך דאַמיט ניט וואַשן“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

אויסגוססן — [...גוי'סעסן].אַקוזוו. גוסס אויס, ~געגוססט. אויך: ~גוסען. פֿאַרענדיקן גוססן, אויסהויכן די נשמה. אַ, די נשמה, דעם לעצטן אָטעם.

אויסגורטן — טרוו. גורט אויס, ~געגורט. אויך מיט ז י ך. לאָקל (ווערבאָלאָווע, שאַקי אין ליטע) דזוו אויסגאַרטלען ← (געווײַנטלעך וועגן אַ פֿערד).

אויסגורלען — [...גוירלען] טרוו. גורל אויס, ~געגורלט. לר. 1. געווינען דורך אַ גורל, אַ לאָטעריי פֿאַרלאָרן אַ הונדערטער און אויס. ,,

געגורלט אַ פֿינפֿערל“. 2. פֿאַרקויפֿן צעטעלעך מיט נומערן, בּילעטן אויף צו געווינען. אויספּלעטן [אויסראַפּלען, אַמ.].

אויסגזילה(נע)ן — [...גזיי'לע(נע)ן] טרוו. גזילה אויס, ~געגזילהט. ← אויסגזלע(נע)ן.

אַרויסקריגן אַלץ דורך גזילה. א, דעם ייִדנס
פֿאַרמעגן.
אויסגזירהן — [...גזיי'רען] טרוו. גזירה אויס,
~געגזירהט. פֿטמ. אויסטראַכטן, אַרויסגעבן
גזירות. א, נײַע גזירות, שטראַפֿירונגען.
אויסגזלע(נע)ן [...גאַז'לע(נע)ן] טרוו. גזל(ע)
אויס, ~געגזל(ע)ט. באַגזלען יעדער איינציקן
פֿון אַ גרופּע; צונעמען אַלץ דורך גזילה. אויך:
~גזלנען.
אויסגייווערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געגייווערט. דזוו אויסגאַווערן ←.
אויסגיין 1 — אוטוו. גיי אויס, בין ~
געגאַנגען. אויך: ~געגאַן (פּר), ~געגאַנען.
1. אַרויסגיין, גיין פֿון אינעווייניק אויף

דרויאויסגיין

סן. „וויא ער אויז גיט אויף דעם שׂדה קומט
אים תּיכּף נאָך צו רײַטן בערמנן בן אָחיו של
בער ווארנדורף“, גה, 366. „דינה איז
אויסגעגאַנגען צו זען די טעכטער פֿון די בעלי־שכם„,
צור, וישלח. „וברוך אַתּה בצאתך...גיבענשט
זאָלסטו זיין אַן דיינם אויש גיין“, לט 1. “אַ
שטאַרקער שניי האָט געשלאָגן אין פּנים...

גלײַך ווי ער האָט זיך געבייזערט, נאָך וואָס
מע גייט אויס אין אַזאַ פּאַגאָדע", קמ, 1868, 51.
2. אָנהייבן אַ נסיעה, ציִען. אַרכ. „ער וואַר
אָלט פֿינף און זיבעציק יאָר דאָ ער אויסגיי ן
פֿון חרן", צור, לך לך.
3. אָפּשטאַמען, אַרויסקומען. „לבֿן און
בתואל ענטפֿערן: פֿון הקב"ה איז
אויסגעגאַנגען די זאַך„, צור, חיי שׂרה. „דרום האָט
ער [שאול] זוכה געווען דאָס פֿון אים איז
אויס גגאנגן אסתר", ר, אַהרן מטריבֿש, מצח
אַהרן.
4. ענדיקן זיך אין צײַט, אַוועקגיין. „דער
וואָס גיט אָפּ אַ רעה פֿאַר אַ טובֿה זאָל קיין
רעה אויס זײַן הויז נישט אויס גיין", מס,
משלי, יז, 13. „און די צײַט וואָס דער גיבור
האָט זיי געגעבן האָט שוין אָנגעהויבן באַלד
אויסצוגיין", נחב. "און ער האָט אים מודיע
געווען אַז דאָס יאָר וועט א', וועט ער מיט
אים אויף דעם אַ חשבון האָבן„, חה. „און
אַז עס וועט א, די דרײַ וואָכן, וועל איך קומען
צו איר בײַנאַכט", שע, טביה. „און אַראָפּ פֿון
קעסט איז מײַן ברודער אליהו ניט דערפֿאַר
ווײַל עס איז אים ,אויסגעגאַנגען די יאָרן'...„,
שע, מאָטל. „ייִדישע סחורה גייט קיינמאָל

נישט אויס פֿון מאָדע,,, אַר, אַנזיכטס־קאַרטן'.

,

*די יאָרן גייען אויס = די באַשערטע יאָרן פֿאַרענדיקן זיך.

5. אויפֿהערן גיין, זײַן, ניט זײַן בנמצא. ניט א, = זײַן תּמיד, כּסדר. ,,קימפּעטאָרינס גייען ב,,ה [= בּרוך־השם] ניט אויס'', יודישער פֿאַר־פּסח. ,,חסידות איז אַזאַ אַרטיקל וואָס וועט ניט א',,, יק. ,,ווען כ'בּין געגאַנגען פֿון דײַן הויז, איז מיר דאָס האַרץ פֿאַרגאַנגען...עס איז דער זייגער אויסגעגאַנגען'', י. ראָלניק, געקליבענע שריפֿטן.

6. שטאַרבן. ,,ס'איז מיר אויסגעקומען כאָטש לייגן זיך שׂונאי ציון, און שטאַרבן,

,

א, פֿון הונגער'', ממוס, שלמה. ,,מע קען א, פֿאַר געלעכטער''. די נשמה גייט אויס = גייט אַרויס פֿון גוף. ,,דאָז קינד איזט...דאַר גילעגין...אונ, ניט הנט נאָך פֿויס גירירט אליש ווען אים ח,,ו תּכף זולטי דיא נשמה אויז גין'', גה, 187. ,,האָט זי זיך מיישבֿ געווען אַז זי וועט אים אויסזאָגן אַז זי איז דאָס אַליין, קאָן ער דאָך אַנידערפֿאַלן און א,,,,

נחבֿ. „...עד שנדמה לו שנסתּלקה נפֿשו (הנקרא אויס גיין)“, קונטרס ההתפּעלות, 1831, טז/ב. „פֿאַר יעדן איש מישׂראל דאַרף דער מנהיג הדור א, און אונטערגיין, זיך מוסר־נפֿש זײַן הייסט עס“, פּרץ, חסידיש.

7. גוססן, פּאַמעלעך אָפּשטאַרבן. *א, ווי אַ ליכט = שטיל (אויך איינזאַם) אָפּשטאַרבן. „ער איז אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיטן יומכּיפּור„, אַש, תּהילים־ייִד. „באַלד וועט אויסברענען דאָס פֿײַער, וועלבעס צערט מײַן ברוסט

אויסגיין

פֿאַרבאָרגן, באַלד וועט א, מײַן נשמה פֿון איר

,

שטילן שמערץ דערוואָרגן“, יהואָש, בלומ◌ו און דערנער. „דאָס איז אַ דור שטום אויסגעגאַנגען, געשטאָרבן לאַנגזאַם, שעה נאָך שעה“, סעג, פּאָעמען. “וואַס זשע גייסטו אַזוי אויס וו אַ ליכט“ פֿל. „דאַרפֿן עס נעבעך דאַרןי ,

קוואַרן און גייען אויס ביסלעכווײַז ווי אַ ליכט“, ממוס, ווינטשפ. „אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלײַזל, ווי אַ ליכטל, שוואַך און טונקל,

ביז איך וועל אַזוי מיר א, אין דער שטיל,
אין מזרח־ווינקל“, אר, 'מאַי קא משמע לן'. *א,
מיט (פֿון) די כּוחות — פֿאַרלירן די כּוחות. *א,

כּלות־הנפֿש = א) א, מיט די כּוחות; ב) א,
פֿון שטאַרקער איבערלעבונג. א, מיט פּרעפּ
פ אַ ר אָדער פ ו ן — די סיבה פֿון
אויסגיין מיט די באַטײַטן 8. אויסגיין פֿאַר (פֿון)
הונגער, שרעק, קעלט אאַ. „בעסער איין מאָל
שטאַרבן ווי צען מאָל אין טאָג א, פֿאַר
הונגער“, ממוס, ווינטשפֿ.
8. צעגיין, זיך פֿונאַנדערלאָזן; זייער טיף
דורכלעבן צער אָדער פֿרייד, באַגײַסטערונג
אָדער ייִאוש (אַזש ביז שטאַרבן); אינגאַנצן
דורכגעדרונגען ווערן פֿון אַ שטאַרק געפֿיל.
דאָס האַרץ (דאָס חיות, דאָס לײַב און לעבן, די
נשמה) גייט אויס. „ער רעדט עפּעס אַזוינס
אַז מע קען א, הערנדיק“, ממום, פּריזיוו.
„...און אַהיים בענק איך אַזוי, אַז ממש עס
גייט מיר אויס דאָס חיות!„, שע,
מנחםמענדל. „אינמיטן דער לוויה שווימט אַרויס אַ
דין קינדיש קול...און עס גייט איבער אין
דמיונות...עס טרייסט...עס ווילט זיך לעבן...
אויסגעגאַנגען זײַנען שיִער די מענטשן“, פּרץ,

אַ גלגול פֿון אַ ניגון'. ,,און אַז דאָס האַרץ
,
זאָל ח"ו א', וואָלט גאָר די וועלט חרובֿ
געוואָרן, וואָרן דאָס האַרץ איז זיך דאָס חיות
פֿון איטלעכער זאַך,,, נחבֿ, עו/א. *א, פֿון
ליבֿע (ליבֿשאַפֿט, בענקשאַפֿט, מתיקות אאַ) =
דערגרייכן די העכסטע מדרגה פֿון ליבֿע אאַזוו.
,,מײַן זעל גייט אויס פֿאַר ליבֿשאַפֿט, לעכצט
צו דיר", ממוס, שלמה. "זײַן נפֿש זאָל גלוסטן
און א, מיט חשק און ווילן זיך צו באַהעפֿטן
אין אים, אין סוף ברוך הוא", תּניא. ,,עס
וואַקסט, עס שטײַגט מײַן בענקעניש, כ'גיי
שיִער פֿאַר צער נישט אויס,,, אול.
9. זייער שטאַרק זיך נייטיקן אין עפּעס.
א, פֿאַר אַ שטיקל ברויט, אַ ביס חמץ, אַ
כּיכּר־לחם; א, פֿאַר אַ גראָשן, אַ קאָפּיקע, אַ
דרײַערל אאַ.
()1. פּאַמעלעך אויסברענען, אויסלעשן זיך.
פֿײַער, ליכט גייען אויס. "ווען אין ליכט ווער
אויז גאנגין פֿון זיך זעלבשטן אודר פֿון
ווינד, דארפֿש דוא אַפֿילו ניט ווינקין איינים
נכרי דאש ער עז אַן צינד", ש ה I. ,,די ליכט
האַלטן בײַם א', די פֿײַערלעך גיבן זיך אַלע
מאָל אַ הייב אויף פֿון די מעשענע לײַכטער",

יר. ‘‘אַלע האָבן געאָטעמט איינע אויף די
אַנדערע מיטן ריח פֿון אויסגייענדיקע ליכט‘‘,
בערג, בוים דניעפּער. *א, וו אַ פֿײַערל (אין
י
וואַלד, אין פֿעלד) = זיך אויסלעשן, איינזאַם
גוססך.
11 פֿאַרניצט ווערן, אַוועקגיין אויף עפּעס
.
(וועגן מאַטעריאַלן, מיטלען). א, ביזן לעצטן

גראָשן. „אַז דאָס האָלץ גייט אויס ווערט
דאָס פֿײַאור פֿאַר לאָשן‘‘, מס, משלי, כו, 20.
„דערנאָך אַז דאָס איז שוין אויסגעגאַנגען און
ער האָט ניט געהאַט צו עסן האָט ער זיך
אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דעם וואָגן, ער זאָל עסן
גראָז‘‘, נחב, מעמtה מחכס. „האָט דען אַלכּסנדר
מוקדון...זיך מייאש געווען, בשעת ער איז
געפֿלויגן רײַטנדיק אויף זײַן אָדלער און
ס'איז אויסגעגאַנגען דאָס פֿלייש פֿונעם שפּיץ
שפּיז‘‘, ממוט, מטעות. „קומענדיק אַהער, איז
בײַ אים אויסגעגאַנגען די לעצטע פּרוטה‘‘,
ממוס, 'שם און יפֿת'. „אים ליגט דער קאָפּ

אין פֿלעשער. אויסגעגאַנגען אַלע פֿלעשער. ניטאָ קיין פֿלעשער!,,, שע, מאָטל דעם חזנס. *פֿאָדעם גייט אויס = געלט (מאַטעריאַל) גייט אויס. ,,...און האָבן געפֿילט אַז מיר וואָלטן בײַגעקומען נאָך צוויי פּאָרציעס [הייסע קישקעלעך] — איז בײַ אונדז אויסגעגאַנגען פֿאַדעם", שע, מאָטל דעם חזנט.

12. קלעקן, סטײַען, זײַן גענוג אויף עפּעס; אַרויסקומען ווי אַ פּראָדוקט. ,,די סחורה וועט א, אויפֿן בגד". ,,פֿון אַ פֿונט ראָזשינקעס איז בײַ מיר תּמיד אויסגעגאַנגען העכער 5 עמער ...געזויגענע ריינע וואַסער", ייִל, פּוילישע יונגל, 1895. "...צוויי און פֿופֿציק אַרשין נאָך מיט אַן עודף...אויב איין שניט, אָן געסקעס... וועט א, צו פֿופֿצן העמדער", ממוס, פּריזיוו.

13. פֿאַרענדיקט ווערן. ,,איידער דאָס חומש בראשית איז אויסגעגאַנגען, האָט מען שוין אָנגעהויבן מיט אים צו לערנען ווי אַזוי א אַ ווײַב אָפּצוגטן", אַש, תּהילים־ייִד. ,,די קאָנפֿערענץ איז אויסגעגאַנגען אָן שום וויכטיקע באַשלוסן". ,,דער פֿוקס...וואָלט זעהן וויא דיא זאַך...וואורד אויז גין", ספֿר משלים פֿפֿדמ

,

14. שטאַרק בענקען; באַגערן, לעכצן; חלשן נאָך עפּעס. מיט פּרעפּ נ אָ ך.
,,ביילע פֿילט ווי דאָס האַרץ גייט איר אויס נאָך די אַלע ליבע אירע", ממוס, ווינטשפּ. א, נאָך אַ גוט וואָרט, אַ טראָפּן טרייסט, לאַסקעס, ליבשאַפֿט אאַ. ,,זי האָט אים ליב געהאַט מיטן גאַנצן לעבן און ער נאָך איר איז אויך אויסגעגאַנגען", ממוס, 'שם און יפֿת'. *א, נאָך עמעצנס טריט = זייער שטאַרק ליב האָבן.
"ער איז אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט און טאַקע אַ מיתה משונה איַינגענומען", שע;
,,די גאַנצע שטאָט האָט זיי ליב געקראָגן, אויסגעגאַנגען נאָך זייערע טריט", שע. א, נאָך אַ טרונק. א, אַ טרונק וואַסער. *די נשמה גייט אויס נאָך... = מע באַגערט זייער שטאַרק.

15. באַשערט זיַין; זיך באַקומען שלעכט; זיך פֿאַרענדיקן מיט אַ צרה. מיט פּרעפּ צ ו (א ו י ף) אָדער דאַטיוו. ,,...נעם פֿון דיין הוז גיזינד איין עצה, גיאטש דיר חלילה ניט גוט אויש, ביסטו פֿאַר זיי יוצא", עיון, ב/1.
"דאַס יאָר איז אויף זיי אַ שטראָף אויסגעגאַנגען, עס איז...אויפֿגעשטאַנען אַ ניַיער המן", ארז, קמ, 37 1867' No. ,,זייער

פַֿארענטפֿערן זיך וועט נאָך אונדז קאָסטן געלט,
עס וועט אַלצדינג אויסגיין צו אונדזער קאָפּ“,
ממוס, טאַקסע. „פֿון וואָס מע לאַכט קען א,
צו אייגענע אויגן“, ש וו. “עש גינג אים ניט

אויסגיין

וואול איש ווען ער זיין ווייב זעלט מאכין
וויינן“, לט 1. [זן איך צום גוטן:] „איז בּרוו
השם וואַל איז גנגן“, פּראָגבּ. „גאָנטי שרײַט
אונד ווײנט: אה עז קעהרט מיר זא איש
געהין“, מע ▯ ה אומן [הש I]. „וואו דו קומסט
— בּיסטו קיין היגער, וואו דו קומסט —
בּיסטו אַ גר. בּיסטו פֿאַר אַלע בּעסער,
קליגער, און דאָס וועט דיר אויסגיין שווער“, אר,
'צום איינזאַמען'. אָפּט אין קללות: אַלע (בּייזע
שלעכטע, פֿינצטערע) חלומות זאָלן אויסגיין
צו מײַנע שׂונאימס קעפּ (צו זײַן קאָפּ, זײַן
לײַבּ און לעבּן, זײַנע הענט און פֿיס). וואָס
עס האָט געזאָלט זײַן מיר (און מײַן שוויגערס
שנור, מײַן חתנס כלה אאַ) זאָל א, צו אים
(צו זײַנע קינדער, צו זײַן גאַנצער משפּחה
אאַ). אויסגיין (אויספֿאַלן) בּאָקעם = האָבּן
שלעכטן רעזולטאַט. „דײַנע שמד־שטיק וועלן

דיר א, באָקעם“.

16. זײַן אַ רעזולטאַט, אַ פּועל־יוצא, זיך פֿאַרענדיקן מיט עפּעס (וואָס איז ווייניקער שלעכט ווי מע האָט זיך גערעכנט) מיט פּרעפּ צ ו. „מיר וועלן בלײַבן לעבן, עס וועט א, נאָר צו אַ יאָר תּפֿיסה“. „שרעק זיך ניט, עס וועט א, נאָר צו געלט“. א, צום גוטן, צום בייזן. „[יצחק] האָט געמיינט, ער [עשׂו] איז פֿרום. אַזוי האָט ער אים ניט געשטראָפֿט. איז ער אויסגעגאַנגען לתּרבות רעה„, לט2. *איבל א, = א, צום בייזן. אַרכ. „דר ווייל אים דר טרוים גזאגט הט טוא ניט לנג שטין אבר עש ווערט אים ח"ו איבל אויזגין„, אַהרן בר, יוסף, איין שיין נייא ליד פֿון אובן, פּראָג, תּמ"ח. אַ צאָרן איז (צו, אויף) אים אויסגעגאַנגען = צאָרן, אָנשיקעניש איז אים באַשערט געוועזן. ס'וועט (צו) אים א, אַ שלעכטער סוף = וועט באַשערט זײַן. *א, צו די אויגן = זיין ענדיקן מיט טרערן. „דרום מעגן זיא [= זיי] וואַל נאָך...ווײנען אונ, שרייאן יומר [= יאָמער] אונ, נוט...דאז גינג אין צו דעם אויגן וואַל אויז“, טפֿר משליט, פֿפֿדמ 1886, ז, יז.

17. באַשלאָסן ווערן. „זוא איז באותו פּעם אויז גנגין, החסיד זאָל מבֿרר זיין מיט דען

עדות...", 'כ"י וועגן מעצער עלילת־דם,, 1669
[פֿש I]. ,,אַזוי ווי דאָס דאַרף נאָר א, פֿון אַ רבֿ,
האָט ער דעם רבֿ געבעטן רחמים...", קמ,
.No ,l8 4 32

18. אַרויסגיין (מיט פֿאַרשיידענע באַטײַטן).
ארכ. א, פֿון אַ הנחה; א, פֿון קלעם. שמועות
גייען אויס. ,,דז קול איז אין שטאָט אוש
גגנגן [= זיך פֿאַרשפּריי], אזו זענן די נוצרים
אוף גשטאנן...און הרגנן אוש פֿיל יהודים",
שי, כ/א. "ווען זיא אביר ניט זיינין גטרייא,
לוז זיא אויז גין תּיכּף פֿרייא", ה ,,די
משנה רעכט [=רעכנט] אלי די פּרוצות דיא
דא מוזן אויס גין [= געגט ווערן] פֿון דען
מן אָן כּתובה", לט 1, 2/55.

19. פֿאָרקומען, זיך טרעפֿן, אַרכ. "...עש
גייט וואול אויש גאָר זעלטי", 'ווינץ הנש ליד,
[מוו, שטאַפּלען]. 2O. אַרויסגיין שפּאַצירן,
פֿארברענגען, זיך פֿאַרווײַלן, אַרומגיין מיט אַ
.

מיידל (מיט א בחור) [זייער פֿאַרשפּרייט אין צפֿון אַמעריקע]. ״זי איז ניטאָ אין דער היים,
-

זי איז אויסגעגאַנגען (אין טעאַטער, אין אַ

אויסגיין

רעסטאָראַן אאָ)״. „זיי גייען שטענדיק אויס, זיי וועלן ווערן חתן־כּלה״. „איך זאָל האָבן אַזאַ פֿרוי...וואָלט [איך] גאָרניט אויסגעגאַנגען, עס איז דאָך דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן מיט [איר] זיך צו אונטערהאַלטן״, קמ, 1868, No l0. „די איבעריקע טעכטער מײַנע זענען נאָך ניט אויסגעגאַנגען, און אַז זיי וועלן אויסגיין — וועלן זיי אויך בײַ מיר ניט פֿרעגן״, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. א, פֿאַר (אויף) גוט, אַמ = מיט דער כּוונה צו ווערן חתןכּלה. אויך: סתּם ניט זײַן אין דער היים, אַמ. „פּאַ איז אויסגעגאַנגען, ער וועט קומען גאָר שפּעט„..

21. אַרכ. האָבן דעם מאָגן. „צוויי מאָל אין אינר וואָך איינר גרינגן פּורגאַציאָן...וואו ער דר בייא אויז גין קאַן״, סור, כ/ב. 22. זײַן

גילטיק. זײַן אין אומגאַנג. „אירע מטבע איז אויסגעגאַנגען אין די גאַנצע וועלט“, ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן.

די אויגן גייען אויס = א) מע הערט אויף זען. „כּדי צו מאַכן אויסגיין דײַנע אויגן און פֿאַרשמאַכטן דײַן זעל“, תּי, שמואל א, בּ, 33; בּ) מע וואַרט מיט אומגעדולד; מע לעכצט נאָך עפּעס. „די אויגן גייען אויס בּיז מע דערזעט דיך“; ג) מע מאַטערט זיך אָן. „איידער מ'פֿאַרקויפֿט אַזאַ שטיקל עכט־כינעזיש פּאָר צעלאַן גייען די אויגן אויס„, אַש.

אויסגיין 11 — אַקוזוו. גיי אויס, בּין ~ געגאַנגען [ה אָ בּ אין עטלעכע לר]. 1. גיין אַ סך. א, (גאַנצע) מײַלן. דורכגיין, דורכפֿאָרן, דורכרײַזן; אויסזײַן. א, אַ וועלט = זײַן אין אַ סך לענדער. א, וואו די וועלט האָט אַן עק. „א, כאָטש די וועלט אין אַלע זײַטן“, ממוס, יודל. „ער גייט קיין דרום און דרייט זיך אויס קיין צפֿון, אַרום און אַרום גייט אויס דער ווינט“, מס, קהלת, א, 6.

2. דורכגיין, דורכמאַכן אַ שול ווי: א, עטלעכע קלאַסן. שפּאַסיק: ער איז אויסגעגאַנגען אַלע קלאַסן — בּאָרוועס (אין איין שעה, מיט איין מאָל אע). „דאָס יונגוואַרג וואָס גייט אויס

אַ מיטלשול...דערגרייכט, נאַטירלעך, אַ גרעסערע שלימות...", נפֿ, ייִדיש פֿאַר אַלע, 1938, I.

3. מאַכן דרײַ טריט הינטערװײַלעכס בײַם פֿאַרענדיקן שמונה־עשׂרה. ,,װען מען דאַװינט אָפּ שמונה־עשרה איי [= איידער] דש ציבור הט אָפּ גידאװינט טאָר ער זיך נישט אום קערן מיט דעם פּנים צום עולם רק הארין ביז דער שליח ציבור גייט אוש שמונה־עשׂרה,,, שלחן־ערוך, חלק ראשון [זשאָלקווע? אָנהייב 19.יה7], ז, ו/א. ,,דאַרום זאָל ער שטין בלייבן איין וויל ווען ער איז (עושׂה שלום) אויש גאנגן,,, לט1. ,,ווי ער זיך שטעלט שמונהעשׂרה, גיאט ער אויז עושׂה שלום", הt ‏II.

,,...גיט מן עושׂה שלום אויש, אַלש מן פֿון איינר שׂררה גיט", יחיאל מיכל עפּשטיין, דרך הישר לעולס הבא.

4. מיט ז י ך — זיך דורכגיין, שפּאַצירן. זיך א, דעם בויך נאָכן עסן.

אויסגיין זיך — אוטוו. גיי זיך אויס, איז זיך ~געגאַנגען. 1. ענדיקן זיך, אויסלאָזן זיך. ,,די שפּײַז איז זיך אויסגעגאַנגען און די שיפֿסלײַט האָבן געליטן הונגער". ,,פֿון וואָס מע זאָל ניט געווען רעדן איז זיך עס נישט

געגאַנגען אָן לייבּציכעס אַ מעשׂה", ממוס, שלמה.

2. זיך בּאַגיין, אויסקומען. „אַזוי ווי אַ שנײַדער־צעך גייט זיך ניט אויס איין טאָג אָן משפּטים, אַזוי גייט זיך ניט אויס אַ חסידיש קלײַזל איין טאָג אָן תּיקון", ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס, 1895. „אין שנײַדערשן שולכל צו הקפֿות פֿלעגט זיך ניט א, אָן פּעטש", דלוגאַטש, וועלט—מסורה.

3. זיך בּאַפֿרײַען, זיך ראַטעווען. "דער ערלעכער גייט זיך פֿון דער לייד אויס", מס, משלי, יבּ, 13. „דער וואָס האָט ליבּ ליגן צו זאָגן גייט זיך נישט אויס", מם, משלי, יט, 5. געזונט ווערן נאָך אַ שווערער קראַנקייט פֿון

. ,,

דער קראַנקייט וועל איך מיך נישט א', איך פֿיל שוין די גיפֿט אין מײַן גאַנץ געבּיין...די ליבּע מאַכט מיר אַצינד דעם טויט,,, ווז, 'דיא ליעבּע'. „דאָס אויסגיין זיך זײַנס פֿון דער קראַנקייט איז געווען בּאַשײַמפּערלעך אַ וואונדער", ממוט, שלמה.

4 פֿאַרבּרענגען פֿאַרווײַלן זיך. אַרכ. „עיקר

שכחתּי: זיך ווען דו אויז גישט גיא ניט
אַליין, בפּרט ווייל איך ניט דארטין בין לאָז
דיא ל יט ניט דיר נאָך רידין", פּראָגב, 4.
אויסגייסטיקן — טרוו. גײַסטיק אויס, ~

געגײַסטיקט. אדיך מיט ז י ך. מאַכן גײַסטיק,
אויס מאַטעריעל. פֿאַרגײַסטיקן. „רו דאַרף דעם

מענטשן דערהייבן, אים אויסאיידלען, א'", אפֿא,
געטראַכט מיט ע רי־מײַטש.
אויסגייעניש — דאָס, ־ן. 1. ← אויסגאַנג.
אויך איר. 2. דאָס כּסדרדיקע אַוועקגיין פֿון
הויז. „וואָס פֿאַר אַן א, איז דאָס אויף איר
קאָפּ", אאר. 3. אויסגעלאָשנקייט (פֿון דער
ראַיה, פֿון האָפֿענונגען). „און גאָט וועט דיר
געבן דאָרטן אַן אומרואיק האַרץ און א, פֿון
די אויגן", תּי, דבֿרים, כח, 65.
אויסגייער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס גייט אויס (פֿאַרשיידענע בבֿ).
2. ווער עס שטאַמט אָפּ. ארכ. מש
פֿאַרטײַטשט 'יוצא, ירך יעקבֿ, (שמות, א, 5) —
"אויש גיאר". [אויפֿגעהיט ווי אַ טוו ביז אין

20. יה, ש. נאָבל, חומש־טײַטש .
אויסגילדן — טרוו. גילד אויס, ~געגילדט.
אויך: ~גילטן — גילט אויס, ~געגילט.
מאַכן גאָלדיק; אויספֿאַרבן מיט גאָלד־פֿאַרב,
א, די אותיות.
אויסגילטן — גילט אויס, ~געגאָלטן. האָבן
אַ ווערט אומעטום. „דער דאָלאַר גילט אויס אין
אַלע לענדער“. א, פֿאַר... = א) האָבן אומעטום
אַ שם פֿאַר אַ מומחה, אַ נגיד אאַזוו); בּ)
אָנגענומען ווערן פֿאַר עמעצן (וואָס מען איז ניט).
אויסגיסונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסגיסן. 2. ← אויסגאָס,
אויסגדט.
אויסגיסן — טרוו. גיס אויס, ~געגאָסן.
1. אויסליידיקן אַ כּלי פֿון אַ פֿליסיקייט דערין.
„מע זאָל דאָס אומריינע וואַסער ניט אויסגיסן
בּיז דאָס ריינע קומט ניט צו פֿליסן“, שוו
[— מע זאָל זיך ניט אָפּזאָגן פֿון ניט גאָר
פּאַסיקע זאַכן איידער מע האָט בּעסערע]. „ווי
דען אַנדערש? דערויף איז דאָך עס אַ גאַס
אויסצוגיסן דאָרט פּאָמויניצעס“, ממוס,

טשפֿ. [גלייבּעכץ: ווען מע גיסט עפּעס אויס בּײַנאַכט, זאָל מען דרײַ מאָל זאָגן: היט זיך! — מע זאָל ניט בּאַגיסן די שדים און זיי זאָלן ניט ווערן אין בּעס.] אויסגיסן די פּאָמוייניצע = איר וועגן גרייטן זיך אויפֿצונעמען ניט קיין געוואונטשענעם גאַסט.

2. צעלאָזן, פֿון האַרט מאַכן פֿליסיק. א, בּלײַ, וואַקס אאַ. מאָדעלירן, געשטאַלטיקן דורך גיסן מאַטער אַל אין פֿורעמס, ווי: א, פֿיגורן. „...האָט ׳

געמוזט צוּוואַרטן עטלעכע חדשים, בּיז מע וועט א, נײַע אותיות", שע, מעע)יות און פֿאָנטאַזיעט. א, יום־כּיפּור־ליכט.

א, מיט וואַקס — אין פֿאַלן פֿון היסטערישע קראַנקייטן, שרעק, מעלאַנכאָליע אע פֿלעגט אַ זנאַכער(קע), אַ 'מכשף, (געווײנטלעך ניטייִד) אויף דרײַ קינעלעך, דינע שפּענדלעך האָלץ, ◻ פֿון צעלאָזענעם וואַקס אַ פֿיגור. מע פֿלעגט אויסטײַטשן דעם בּאַטײַט פֿון דער פֿיגור, געפֿינען אַן ענלעכקייט צו אַ מענטשן און 'דערגיין, די שײַכות צווישן דער פֿיגור און דעם קראַנקן. אַזוי אַרום האָט מען אויסגעפֿונען די 'סיבּה, פֿון דער קראַנקייט און אויף דעם סמך געפּרוּווט זי היילן. „זי איז

אַ מומחהנטע, זי וועט א, וואַקס...וועט זיך
איר אי,,ה פֿעלן, עס איז גאָרנישט“, קמ,
17 1868, No. *א, (אויסקויקלען) אייער =
באַשמירן די אויגן, דעם שטערן מיט
צעקלאַפּטע אייער ווי אַ סגולה קעגן אַן
עין־הרע.

3. אַרויסברענגען פֿליסיקייט פֿון קערפּער.
א, טרערן. ,,אַ סך טרערן האָט זי אויסגעגאָסן
שטילערהייט“, שע. אויך: זען מע זאָל לאָזן
אורין; ,,איידער מע טוט דאָס קינד אָן זאָל עס
פֿריִער א'“, רײַך.

4. אויסדריקן געפֿילן (דורך רייד, געזאַנג,
טענות, טרערן אאַ). א, דעם כּעס, דעם צאָרן
דעם גאַנצן צאָרן פֿאַראיבּלס, עוולות אאַ.

,

,,פֿולע הויפֿנס ליבשאַפֿט האָט איר געטאָן א,
אין זייער שויס אַרײַן“, שע, מאַריענבאַד. ,,דער
ניגון האָט אין האַרץ גערוט...כ'האָב שפּעטער
ערשט פֿאַר בלום און בוים אים
אויסגעגאָסן“, אר, 'דער ניגון'. ,,א, די אומרו אין
שרײַבּעכצן“, בערג. *א, די (ס')באָד אויף
עמעצן = אָנזידלען, פֿאָרוואַרפֿן, באַשולדיקן.
א, דאָס (ביטערע) האַרץ ווי פֿאַר אַן
אייגענער מוטער, ווי פֿאַר אַ פֿרײַנד. ,,פֿאַרזיכערט

זיך אין [גאָט] אַלע צײַט, איר פֿאָלק ישׂראל,
גיסט אויס אײַערע הערצער פֿאַר אים מיט
תּפֿילה“, חה. „ער האָט אַ האַרץ פֿול מיט
יסורים און קען עס ניט א'“, ממוס, ווינטשפֿ.
„די מאַמע איז אַוועק אין שול איר האַרץ
דאָרט אויסצוגיסן...“, יהואָש, ,יום־
כּפּורמעשהלע'. א, דאָס ביטערע (בּייזע) מזל =
אויסדערציילן וועגן צרות. „ער האַלט זײַן שותּף
פֿאַר דער פּאָלע...רעדט עפּעס מיט גרויס היץ,
גיסט אויף אים אויס זײַן בּייז מזל“, ממוס,
'בּישיבֿה של מטה'. *א, די שוואַרצע (גרינע)
גאַל : אויסדריקן ערגערנישן, האַרצווייטיק.
„דאָרט צווישן אײַך גיסט איר אויס אײַער
שוואַרצע גאַל, דאָרט ווײַזט איר אַרויס וואָס
איר האָט אין די געדאַנקען,,, קמ, 1864, No 17.
א, אויף עמעצן כּל חמתו, (דעם גאַנצן) שפֿוך
חמתך = א, געפֿילן פֿון צאָרן, בּייזקייט;

אויסגיסן זיך

אויסזידלען. ‘‘און אַנשטאָט דעם וואָס איך זאָל
זי מכבּד זײַן ווי זי איז ווערט און א, כּל
חמתי אויף איר פּדהצורן...,,, שע, טבֿיה. א,
די (גאַנצע) תּוכחה = אָנשעלטן, אָנזידלען.

אויף מיר (דיר, אים) איז די גאַנצע תוכחה
אויסגעגאָסן געוואָרן = זײַנען געקומען אַ סך
און פֿאַרשיידענע אומגליקן אויף מיר... א, די
פּאָמויניצע אויף עמעצן = זידלען, באַשולדיקן.
*א, טינט — אַ סגולה קעגן מוראַשקעס און
אויך אַנדערע אינזעקטן. „פֿלעג איך אויף זיי...
א, א טראָפּן טינט פֿלעגן זיי פֿאַר מיר
אַנט—,
לויפֿן“, ממוס, 'צוריק אַהיים'..
5. אויסדריקן געדאַנקען. זן. „זי וועט אויף
אונדז א אַ גאַנצן אוצר פֿון הייליקע
געדאַנ,
קען און טײַערע זכרונות“, ממוס, 'בישיבֿה
של מטה'.
אויסגיסן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. גיסן
זיך ביזן סוף, אויסרינען. „האָסטו אַ
שטופּ געטאָן דעם לאַדיש און די מילך
האָט זיך אויסגעגאָסן“. „ווען מיר זעען
פֿאַר אונדז אַ זאַך וואָס איז געשריבן מיט אַ
שיין לשון...פֿאַרשטייט מען...אַז דאָס האָט
בוודאי אַ מענטש געשריבן [און ניט] אַז מחמת
'
עס האָט זיך אויסגעגאָסן טינט אויף דעם
פּאַפּיר איז [עס] אַליין געטאָן“, חה. 2. פֿיג

וועגן געפֿילן. באַקומען אַן אויסדרוק. „הײַנט איז מיר שוין דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען, האָט זיך עס אויסגעגאָסן“, פּרץ, פֿאָלקס, געשיכטן. 3. אויסשפּרייטן זיך. „אין פֿאַרלויף פֿון דרײַ פֿערטל שעה האָט זיך דאָס פֿײַער אויסגעגאָסן איבער די פּאַראַדנע גאַסן„, ייִפֿאָל, 22 1885, No. קרעץ, אויסשלאָג גיסן זיך אויס. „דער פּאַרך האָט זיך אים אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן קאָפּ“. (= אויך: ער איז געוואָרן אַ חזיר, זייער אַ שלעכטער).

4. אויסלאָזן זיך, אַראָפּפֿאַלן (געוויינטלעך וועגן שלעכטס). גאָטס צאָרן, די תּוכחה, כּלערליי אומגליקן האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז. „גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן... אויף די אַרומיקע שטעט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען מיט שלעק מיט אומגליקן“, ממוס, שטורעמצײַט. „עפּעס אָ משונה־מאָדנער אומעט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אַלעמען„, שע.

5. לאָזן אורין, משתּין זײַן. „זי גיסט זיך אויס, ווערט פֿון דער קו אַ האַלבע“, אַש, ר, שלמה נגיד. “ס'פֿערד האָט זיך אויסגעגאָסן“, אָפּאַ.

6. זיך אײַנגעבן. “די אַרבעט האָט זיך

אויסגעגאָסן אַז עס איז אַ צאַצקע“.

7. זיך בּאַקומען. „ווי דער חשבּון וועט זיך אויסגיסן וועלן מיר אינגיכן וויסן“, פּבּ, פּאָד.

אויסגיסעכץ — דאָס, ־ן. (אויך ־ער).

אויסגיסונג (קען האָבּן בּײַטעם פֿון ביטול).

אויסגיסעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסגיסן.

אויסגיסער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך פּראָפֿעסיאָנעל מיט אויסגיסן, בּ2.

אויסגיפֿט(יק)ן — טרוו. גיפֿט(יק) אויס, ~ געגיפֿט(יקט). אויספֿאַרגיפֿטן. 1 פֿאַרגיפֿטן אַ

.

צאָל. „מע האָט דעם דאָקטער בּאַשולדיקט אין א אַלטע רײַכע פּאַציענטקעס“, רייד. 2.

אַרויס,

בּרענגען גיפֿטיקייט, בּייזקייט. אויך מיט

ז י ך = זיך בּאַפֿרײַען פֿון גיפֿט. „און אויסגעגיפֿטיקט זיך אין זיסן טאַנץ געשיקט,„ בּראָד, 'שוואַרץ־שבּת,. א

אויסגלאַזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)־ גלאַזירט. דזוו אויסגלייזן ←.

אויסגלאָזן — טרוו. גלאָז אויס, ~געגלאָזט. אַרײַנשטעלן גלאָז; בּאַגלאָזן אַ צאָל. א, די

פֿענצטער.
אויסגלאַט(יק)ן — טרוו. גלאַט(יק) אויס,
~געגלאַט(יקט). מאַכן גלאַט. א, מיט
זאַמדפּאַפּיר.
אויסגלאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געגלאָטשעט. דזוו אויסגלאָצן ←, נאָר
גוזמאדיקער. א
אויסגלאַ�ן — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסגלאַנצן. גלאַנץ, שײַן, אויפֿשײַן.
אויסגלאַנצן — גלאַנץ אויס, ~געגלאַנצט.
אוטוו — שטאַרק שײַנען, גלאַנצן. טרוו — א
אויספּוצן עס זאָל באַקומען גלאַנץ, בליאַסק;
מאַכן גלאַנציק. א, די שטיוול מיט ריצנאייל.
גלאָנצט. אוקר. אויך: ~�אָמצן. איר,
אויסגלאָנצן — טרוו. גלאָנ אויס, ~

געגוזמאדיק וועגן אויסגלאָצן; שטאַרק אַרויס־ א
שטעלן די אויגן. „א אַ פּאָר אויגן‟, בערג.

‚
„גלאָנצט ער אויס אַ פּאָר באָלעכעס און מיינט
אַז �ע רעדט פֿון אַ וואָלפֿקולאַק‟, ייִל.
אויסגלאָצן — טרוו. גלאַץ אויס, ~געגלאָצט.
בולט אַרויסשטעלן, אַרויסשטאַרצן די אויגן,

עפֿענען גרויסע אויגן (פֿון פֿאַרוואונדערונג, חידוש). אָנשפּיזלען די אויגן (פֿון כּעס, ביטו). ,,...האָט ער מיט צאָרן געגומען וועקן דאָס ווײַב...לאה האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן און האָט אים גוט מכבּד געווען", יר, I. "איז געזעסן ווי אַ טויטער, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן", ממוס, פּישקע.

אויסגלאָצן זיך אוטוו. ← דפֿוו. פֿאַרקוקן זיך; אויסגלאָצן די אויגן און קוקן אַ לענגערע צײַט. "אַלע מעוברתע האָבּן זיך אויף אים אויסגעגלאָצט, זאַלן דעם רבּינס צורה זיך אין קאָפּ אַרײַננעמען,,, 'גדולת ר, וואָלף, ניפּ, 241].

אויסגלאָקן — טרוו. גלאָק אויס, ~געגלאָקט. 1. אויסקלינגען מיט אַ גלאָק (מיט גלעקער, גלאָקן). 2. בּקול רם אויסדערציילן, אויספּויקן. א, מיטן גרעסטן טראַסק.

אויסגלויבּן — טרוו. גלויבּ אויס, ~געגלויבּט. ← אויסגלייבּן.

אויסגלוסטן — טרוו. גלוסט אויס, ~ געגלוסט. שטאַרק בּאַגערן (אַ צאָל זאַכן), א, דאָס טעלערל פֿון הימל.

וועלן, בּאַגערן, חשק האָבּן. "סע גלוסט זיך א

אויסגלוסטן זיך — אוטוו, אומפּ. ← דפֿוו.

אים אויס רײַך צו ווערן ווי בּראָדסקי,,..
אויסגלידערן —. טרוו. ־ער אויס, ~
גענגלידערט. 1. צעגלידערן פֿונאַנדערנעמען אויף
א
באַזונדערע גלידער, טיילן. א, די מאַשין.
,

-

2. אַרויסנעמען אַ גליד פֿון אַ סכום —
מאַט.
אויסגלידערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן א
אויס מיטגליד פֿון אַ חבֿרה, געזעלשאַפֿט. מער
ניט צאָלן און זיך א'. זיך א, פֿון פֿאָלקסבאַנק.
אויסגליווערן — ־ער אויס, ~געגליווערט.
גרינטלעך פֿאַרגליווערן; מאַכן גליווער(דיק) אַ

אויסגלייזן

צאָל. א, דעם זשעלע, אין באַזונדערע שיסעלעך.
אויך מיט ז י ך = פֿון זיך.
ויסגליטש — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון פֿאַלן
אויף אַ גליטשיקער פֿלאַך. ״ער האָט
אויסגעגלונקען אַ פֿוס בײַם א',,.. ,,שיכּור פּלאָנטערט
זיך דאָס גלאָז אונטער די וואָלקנס, ווי צום
א, גרייט״, צײַט, 'מטרוניתא'. 2. עבֿירה,
דורכפֿאַל איבּערן יצר־הרע; קליינער
פֿאַרבּרעך. זיצן אין תּפֿיסה פֿאַר עפּעס אַן א,.
3. צופֿעליקער טעות, אומאָפּגעהיטענער
אַרויסזאָג. אַן א, פֿון פּען, פֿון דער צונג.
4. טעאָרעטישער גרײַז. אָפּנייג פֿון דער
פּאַרטייאישער ליניע. סאָוו. ,,אַ טראָצקיסטישער א',,..
ויסגליטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסגליטשן (זיך), אויסגליטש.
,,געוויסע פֿאַרדראָסיקע א'ען״, מיכאל אַסטור,
אויפֿן שוועל, 1960 IX־X.
ויסגליטשן — טרוו. גליטש אויס, ~
געגליטשט. פֿירן עמעצן וואָס גליטשט זיך אויפֿן
אײַז. פֿירן שליטעלע בּאַרג אַראָפּ. ,,דער
פֿריי -
לעכער טאַטע גליטשט אויס די קינדערלעך
זײַנע״.

ויסגליטשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿאַלן
בײַם גיין, לויפֿן אָדער גליטשן זיך אויף אײַז,
אויף גליטשיקער, גלאַטיקער אייבערפֿלאַך;
שיִער ניט פֿאַלן פֿאַרלירן גלײַכגעוויכט ביַי

,
אַ פֿאַלשן טראָט. „וואָרן דער סגי־נהור וואָלט
זיך געקאָנט א, און פֿאַלן און ער דערהאַלט
אים מיט דעם וואָס ער פֿירט אים“, נחב,
עב/ג. „אַ שטערן גליטשט זיך אויס,
מכּלשבן אַ בשר־ודם„, פּרץ.
2. אָפּנייגן פֿון ריכטיקן וועג; מאַכן אַ
פֿאַלשן חשבון. דורכפֿאַלן אין אַן אונטערנעמונג.
א, זיך בײַ אַ געשעפֿטל. „זײַנע פֿיס האָבן זיך
אויסגעגליטשט פֿון רעכטן וועג“, חה. 3.
אונטערזינדיקן, אָפּטאָן קל ינעם פֿאַרברעך;
באַנאַרישן זיך; דורכפֿאַלן בײַ אַ פֿאַרהער. „גראָד
ועל איך בײַ דעם עקזאַמען ניט געדענקען
עפּעס אַ נאַרישע מעשׂה אָדער איך וועל מיך
א, אויף יענעמס 'פּזמון,“, ממום, קליאַטשע.
4. (וועגן אַ פֿרוי) זיך לאָזן פֿאַרפֿירן.
„מיידלעך גליטשן זיך אויס און...געבן אַוועק
דעם נדן פֿאַר דער חתונה„, שע, בלאָנדזענדע
שטערן. 5. אָפּנייגן פֿון אַ (פּאָליטישער,
אידעאָלאָגישער) ליניע מיט אַ וואָרט, אַקט אע.

6. אַרויסדרייען זיך, אַרויסשלײַכן. א, זיך פֿון די הענט. „חבֿרה האָט זיך פֿון עזריאלס האַנט אויסגעגליטשט, ווידער פֿאַרגנבֿעט זיך צום פֿאַרשוין...“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. 7. עקן זיך; שטאַרבן — אייפֿעמיסטיש.

ויסגליטשעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. דזוו אויסגליטש ←. געוויינטלעך: קליינע עבֿירה, יצר־הרע, עוולה. 2. נייגונג, נטיה; שוואַכקייט. „ער האָט אַן א, צום פֿלעשעלע“.

ויסגלייבן — אוטוו. גלייב אויס, ~ געגלייבט. גלייבן אין אַלץ. א, אין אַלע בבֿאמעשׂיות.

ויסגלייזן — טרוו. גלייז אויס, ~געגלייזט. 1. איבערציִען מיט גלאַזור, אַרויפֿציִען גלאַנציקן אויסזען. 2. אַרומשנײַדן גלאָז, סע זאָל זיך פּאַסן צו פֿענצטער, בילדער אע. (גלעזערײַ). 3. באַשמירן די ראַנדן פֿון זוילן און זיי

אַרומאויסגלייזעכץ

פֿאָלירן. (שוסטערײַ). 4. לאָקל (גאַליציע) א, די ציין = זיי אויסהאַקן.

5. לאָקל. (סאָניק, גאַליציע) אַראָפּפֿירן פֿון רעלסן. א, אַ צוג פֿון די שינעס. געוויינטלעך

מיט זיך = אַראָפּגיין פֿון די רעלסן.

6. > :oeleise. אַקוזוו, אוקר. אויטגלאָצן די אויגן און זיי אומבאַוועגלעך פֿיקסירן אויף עפּעס. א, די אויגאַנעס אויף עמעצן.

אויסגלייזעכץ — דאָס (די), ־ן. 1. רעזולטאַט פֿון אויסגלייזן. 2. מיטל, מאַטעריאַל אויסצוגלייזן.

אויסגלייזער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסגלייזן, בּ1. מוראַווטשיק.

אויסגלייטן — טרוו. גלייט אויס, ~געגלייט. באַדעקן מיט גלייט, פּראָטאָקסיד פֿון בלײַ, סע זאָל זיך באַקומען גלאַגציק. א, ליימענע כּלים.

אויסגלײַך — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגלײַכן. 2. פּשרה, פֿרידלעכע פֿאַרשטענדיקונג, דורכקומעניש. קומען צו אַן א'.

אויסגלײַכווערטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געגלײַכווערטלט. נעאָל. אויסדריקן דורך אַ גלײַכווערטל. „דעם ייִדיש־פּוילישן נעכטן וואָס [זיי] זשעסטיקולירן אים אויס אַזוי פֿאַרביק, גלײַכווערטלען אים אויס אַזוי

פֿאָלקסטימלעך", צײַט, טמז, 1954 י 14.

אויסגלײַכונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסגלײַכן. ← אויסגלײַך.
2. אויסגראָדונג — האָריזאָנטאַל אָדער ווערטיקאַל. 3. באַלאַנסירונג; דערגרייכונג פֿון גלײַכע ווערטן.
4. מאַט: א, פֿון ווײַזערס בײַ ברוכצאָלן, קאָעפֿיציענטן אע = דערפֿירן צום שותּפֿישן טיילווײַזער, קאָעפֿיציענט אע.
אויסגלײַכלקע — די, ־ס. 1. מכשיר, מאַשין אויסצוגלײַכן באָדן; ניוועליר־מאַשין.
2. סיסטעם אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד בײַם אויסגלײַכן שׂכירות. איבּז a נ 0 נ] a]y.
אויסגלײַך־מעכאַניזם — דער, ־ען.
מעכאַניזם אין אויטאָמאָביל וואָס מאַכט מעגלעך די הינטערשטע רעדער זאָלן זיך דרייען אומאָפּהענגיק איינע פֿון דער אַנדערער.
דיפֿערענציאַל.
אויסגלײַכן — טרוו. גלײַך אויס, ~געגליכן (עלטערע פֿאָרעם און לר), אויסגעגלײַכט (פֿר און ספּעציעל מיט די בּבּ 5—7, 10 12).
1. מאַכן גלײַך וואָס איז געבויגן אָדער קרום.
א, אַ דראָט, אַ טשוואָק, אַ שורה אאַ. „אַן אײַנגעבראָכענעם נאָגל קען מען ניט א,“, שוו.
„לײַכט יעמאָלט דער אור־עליון, און ער פֿאַרשפּרייט זיך אין די עולמות און גלײַכט אויס

אַלע פֿאַרקרימונגען,,, תּניא, 470.
2. מאַכן גלײַך אַן אַרויסשטאַרץ אָדער אַ פֿאַרטיפֿונג אין באָדן. א, דעם וועג. א אַ גרוב,

,

-

אַ בערגל. ,,עס האָבן טויזנטער סאָלדאַטסקע פֿיס געטראָטן און מיט דער פֿל אַכער ערד דעם קבֿר אויסגעגליכן“, אַל, 'הירש לעקערט'.
3. מאַכן גלײַך אַ מלבוש אָדער טײלן פֿון אַ מלבוש. א, די פּאָלעס, די סטענגעס פֿאַר.

.

ריכטן אַ צודעק. ,,שטיי איך מיר אַזוי'... אונטערהייבנדיק דאָס היטל אויפֿן קאָפּ, גוט

אויסצוגלײַכן די יאַרמלקע אויף אים“, ממוס, שלמה.
4. מאַכן גלאַטיק; באַפֿרײַען פֿון קנייטשן. ,,שטרוי וואָס מ'האָט זי אַרײַנגעלייגט אין אַ בעט פֿאַר שבת, מאָג מען זי אויסגלײַכן אום

שבּת", לט2, 2/64. ,,ער האָט זיך פֿאַרריכט די לאַצן, אויסגעגלײַכט די טשופּרינע,,, פּרץ.

5. אַוועקשטעלן ווערטיקאַל, אויסגראָדן האָריזאָנטאַל. א, אַ ליניע.

6. אויסשטימען (בײַ פֿאַרשיידענע טואונגען אָדער אינסטרומענטן). ,,איר דאַרפֿט א, אײַערע טריט". ,,ער האָט זיך גענומען א, זײַן זייגער מיטן גרויסן זייגער וואָס אויפֿן וואָקזאַל,,, שע, אין שטורעם.

7. באַלאַנסירן הכנסה מיט הוצאה. *א אַ

,

חשבון, רעכענונג = ענדגילטיק דורכקומען וועגן סכום.

8. דורכפֿירן גלײַכע סאָציאַלע רעכט; מאַכן גלײַך רעכט, חיובֿים, דעות, מיינונגען. ,,די ערד גלײַכט אַלעמען אויס", שוו. ,,פּיס קען מען א', קעפּ ניט", שוו. ,,לויט די הייליקע נבֿיאימס א זאָג וועט גאָט...א, די פֿיל אומות אָן אַ צאָל", ממוס, שירה. א

9. פֿאַרטיידיקן, זיך אָננעמען פֿאַר עמעצן. ,,אין אַלי דײַנע עסקים זאָלסטו אָנאים [גאָט] געדענקען, אַזוֹ וועטר שוֹן אויס גלײַכן דײַנע אינטערעסים,,, מס, משלי, ג, 6.

()1. בּרענגען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג,

דורכפֿירן אַ פּשרה, ליקווידירן אַ סכסוך. א,
חילוקידעות. „שאַ, וואָס דאַרפֿט איר זיך שפּאַרן?
גלײַכט זיי אויס נאָך איינער“, שע, אַלט־ניַי
כּתרילעווקע. „די סכסוכים וואָס איר האָט נאָך
געהאַט מיט אים...קאָנט איר איצט א'“, יק.
*א, די ביינער = א) זיך אויסציִען אין דער
גאַנצער הייך אָדער לענג (בײַם אויפֿשטעלן
זיך, לייגן זיך). „ער איז אויפֿגעשטאַנען,
אויסגעגלײַכט די ביינער און זיך געלאָזט גיין
אַהיים“, ממוס, מסעות. וואול, א, די פֿראַנצע־ א
וואַטע ביינער; ב) זיך אָפּרוען; זיך באַפֿרײַען
פֿון אַ דרוק, עול. „כאָטש אויף אַ שעה א,
זײַנע ביינער און אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך זײַן א
פּעקל דאגות און יסורים — אָט וואָס אַ באָד
איז בײַ יִדן!„, ממוס, מסעות. *א, די פֿיס =
זיך אויסציִען, זיך צולייגן אָפּרוען. *א, דעם
רוקן = א) זיך אָפּרוען, אַראָפּוואַרפֿן אַ משׂא; א
ב) אויפֿהערן זײַן אונטערטעניק פֿאַרשקלאַפֿט.

,

„זאָל זיך דײַן רוקן א„ ווען איך אַליין
פֿאַרצווייפֿלט ליג צונויפֿגעקנוילט?“, יהואָש.
*א, דעם קאָפּ = אַרויסוווײַזן שטאָלץ, אייגן
א

-

ווערדע.
11. בּרענגען צו אינעווייניקסטער
באַרואיקטקייט. א, נשמה־קאָנפֿליקטן. „איך בּין
געווען אַ פֿאַרוואָרלאָזטער...האָט [מען] מיך
א
אויסגעגליַיכט" פֿ. סיטאָ, אָט דאָס זיַינען מיר.

,
*א, די נשמה = זען, מע זאָל זיך פֿילן גליַיז
מיט אַנדערע. „מע מוז קודם־כּל א, דעם ייִדנס
נשמה, אַז ער זאָל ניט זיַין אַזוי געפֿאַלן
א
בּיַי זיך", ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'.
12. מאַט—דערפֿירן צו אַ שותּפֿישער צאָל:
בּיַי טיילוויַיזערס, טיַיטערס, קאָעפֿיציענטן אאַ.
אויסגליַיכן זיך — קזוו, אוטוו. ← דפֿוו. א
1. ווערן גליַיך, גראָד: היפּך פֿון זיַין
איַינגעבּויגן.

אויסגל עכץ

2. ווערן גליַיך אין סאָציאַלן זינען, אין
פֿירונגען, אין מיינונגען. „אין יחוס ווערן מיר
זיך א',,, פֿוול. זיך א, מיטן גבֿיר. „ער האָט

אין אַ סך ענינים זיך מיט אים אויסגעגלײַכט“, ממוס, מסעות.
3. אָפּצאָלן פֿאַר אַן עוולה, קריוודע; זיך אָפּרעכענען מיט עמעצן. אָפּצאָלן, אָפּגעבן אַ טובֿה פֿאַר אַ טובֿה, אַ רעה פֿאַר אַ רעה.
„וואַרט, וואַרט, איך וועל דיר אָנבֿרעכן די ביינער, כ'וועל זיך שוין א, מיט דיר!“
4. דורכקומען אין פּרײַז, צערעכענען זיך, בּאַצאָלן אַ חובֿ. זיך א, מיטן מקח, פּרײַז.
„און מע האָט זיך אויסגעגלײַכט מיטן מקח און מע האָט געשיקט נאָך בּראָנפֿן“, שע, מאָטל דעם חזנס. 5. אָנהייבֿן לעבֿן בּשלום. מסכּים זײַן, מושווה ווערן. „עשׂו און יעקבֿ קענען זיך קיין מאָל ניט א,,,, שוו. „אַז מע האָט זיך אויסגעגלײַכט וועגן נדן, קעסט, מלבּושים, מתּנות און רח“ש, האָט מען מגבּיל געווען דעם זמן־החתונה,,, פּרץ.
ויסגלייכעניש — דאָס, ־ן. אויסגלײַך,
--
אויסגלײַכונג. (געדויערדיק, אויך איר). ־כעכץ.
ויסגלײַכער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס מאַכט גלײַך, גראָד (← בּבּ 7 ▯1 פֿון אויסגלײַכן). „עס איז אַ טאָג אונדז אַלעמען געגעבֿן, ווען א, וועט זײַן ניט טויט,

נאָר לעבן", א. ניסענזאָן, אין צדיקס טריט.

2. אַרביטער, בורר, פשרה־מאַכער. ספּעצ: צווישן בעלי־בתּים און אַרבעטער [אין געוויסע אַמ שעפּער אויך גערופֿן: שוחט]. „געווען אַן א, אויך ביי סכסכוכים אין אונטערוועלט".

„...ייִדן זאָלן נישט באַדאַרפֿן זייערע היינטיקע געמיינע פּרנסות...אַ שאַכער, אַ מאַכער, אַן א,", א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

3. (פֿיזיק) עלעקטרישער א, = אָפּאַראַט וואָס מאַכט איבער ביטשטראָם אין גלייכשטראָם.

ויסגלייכעריש — אַדי. וואָס האָט אייגנשאַפֿטן פֿון (איז ווי) אַן אויסגלייכער; וואָס פֿירט צו אַן אויסגלייך; פּשרהדיק.

ויסגלייכערישקייט — די (דאָס), ־ן. פּשרהדיקייט; אייגנשאַפֿט פֿון אויסגלייכער; פּרינציפּ פֿון דורכפֿירן דאָס פֿולע סאָציאַלע אויסגלייכן זיך.

ויסגלייך־קאַמער — די, ־ן. פֿרייוויליק אָדער אָפֿיציעל געריכט וואָס פֿירט דורך בוררות, אַרביטראַציע. [די באַשלוסן פֿון א'־ק, האָבן דעם כּוח ווי פֿון אַ געריכט.]

ויסגלימערן — אוטוו. ־ער אויס, ~ געגלימערט. אַרויסגעבן פֿונקען, שיין און

אויפֿהערן. די פֿונקען אין אַש האָבן
אויסגעגלימערט.
ויסגלינצערן

— טרוו. ־ער אויס, ~ג□ :

ימגלינצערט. אויך מיט ז י ך. פּפֿ: ~ג
צערן. מאַכן עס זאָל פֿינקלען, גלאַנצן,
שײַנען. א, אַלץ — פֿון דאַשעק ביז די שטיוול.

ויס□ליסעיען, ~גליסעווען — טרוו. ־יע
(־סעווע) אויס, ~געגליסעיעט (~גליסעוועט).
(שוסטערײַ) באַשמירן די ראַנדן פֿון זויל.

ויסגל□עכץ — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס
פֿון אויסגליִען. 2. דאָס וואָס עס גליט
אויס.

אויסגל□ען

אויסגל□ען — טרוו. גלי אויס, ~געגליט.
1. אויסברענען, ביז עס הייבט אָן גליִען.
מאַכן גליִען אַ צאָל זאַכן. א אַן אויוון =
,

גוט דורכברענען אַ נײַעם אויוון אָדער נאָכן

פֿאַרריכטן; ספּעציעל דורכבּרענען מיט אַ סך
האָלץ (געוויינטלעך בּעריאָזעווע) צו כּשרן דעם
אויוון אויף פּסח. „טוא דיך אַך וואול בּאַמיאין
דען אובֿן ערשט איבּראַל אויז צו גליאן“,
שה 2 .II. כּשרן מיט אָנגעגליטע שטיינער.
[טעפּ, פֿאַנען, אַנדערע כּלים האָט מען
געכּשרט מיט זודיק וואַסער און אַרײַנגעלייגט
אין זיי גליִענדיקע שטיינער]. „עז איז אָסור צו
כּשרן אודר אויז צו גל◌ען איין טריפֿה כּלי
אם יום טובֿ„, לט 1, 2/83. 3. אויסשמידן.
„עס איז געווען ווי די זון וואָלט אויסגעגליט
אַ פֿלאַקערדיקן פּאַנצער אַרום אים“, אַש, משה.
4. מיט גליאיקן אײַזן מאַכן אַ צייכן;
אויסשטעכן מיט אַן אָנגעגליטן אינסטרומענט. א,
וואונדן אויפֿן רוקן. *א, די אויגן = א)
אויסשטעכן די אויגן מיט אַ שפּיז; בּ) מיט אַ
זאָנד היילן די אויגן. *א, דעם גוף =
שפּאַסיק, זיך אויספּאַרען אין בּאָד.
אויסגל◌ען (זיך) — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן גליִען, זיך אָפּקילן. „ער איז אַמאָל
געווען אַ בּרענעדיקער יונג; איצט האָט ער
זיך שוין אויסגעגליט„, רייד. „ווען דאָס לעבּן
האָט פֿאַרבּליט, דער זומער האָט זיך
אויסגעגליט“, הר, געדיכטע און לידער.

אויסגל▯עניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסגליִען.
אויסגליפֿן — טרוו. גליף אויס, ~געגליפֿט.
▯אָקל, בּוקאָווינע. (שנײַדערײַ) אויסציִען,
אויסגלײַכן.
אויסגליקן — גליק אויס, ~געגליקט.
אוטוו — האָבּן גליק, געלינגען, זיך
אײַנגעבּן. „דאָס מאָל האָסטו אויסגעגליקט, אָבּער
אַן אַנדער מאָל פֿאַרלאָז זיך ניט אויף נסים“.
טרוו — בּאַגליקן, גליקלעך מאַכן (אַ צאָל).
א, מיט שיינע מתּנות.
אויסגלעזירן — ← אויסגלאַזירן.
אויסגלעזן — טרוו. גלעז אויס, ~געגלעזט.
1. דזוו אויסגלאָזן ←. 2. דזוו אויסגלייזן,
בּ1 ▯.
אויסגלעזעווען — טרוו. גלעזעווע אויס,
~געגלעזעוועט. (שוסטערײַ). דזוו
אויסגלייזן, בּ3 ←.
אויסגלעזעד — דער, ־ס. 1. ווער עס גלאָזט
אויס. 2. ווער עס גלאָז(ור)ירט; מוראַווטשיק.
אויסגלעזערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געגלעזערט. דזוו אויסגלאָזן ←.
אויסגלעטיקן — ← אויסגלאַט(יק)ן. „דעם

פאַרקעט וועלן מיר...א, ווי אַ שפּיגל", היימיש,
1▯19, II▯.
אויסגלעטן — טרוו. גלעט אויס, ~געגלעט.
אָפּט מיט ז י ך. 1. מאַכן גלאַט, גלײַך;
א, קנייטשן פֿאַלדן; א, די ראַנדן, די קאָלדרע
,
אאַ. א, די באָרד. „דער גלאַנץ פֿון די
אָפּגעפּוצטע מעשענע לײַכטער האָט ווי
אויסגעגלעט און באַלעבעט איר געקנייטשט פּנים“, י.
מעצקער. 2. אומעטום, אַ סך גלעטן. א,
אַלע האָר פֿון קאָפּ, א, די ביינדעלעך. 3
פֿאַר.
ענדיקן שאַרפֿן מיטן איבערציִען אויף אַ

שטיין. „נאָכדעם האָב איך [דאָס מעסערל]
געגומען א', איבערשנײַדן אַ שטיקל פּאַפּיר“,
שע, 'דאָס מעסערל,. 4. פֿאַרגלעטן,
אויסגלײַכן, שלום מאַכן. א, אַ סכסוך, אַן
אומפֿאַרשטענדעניש. „א אַלע סתּירות“, שנ.
,
אויסגלעטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
באַקומען גוט. אויספּרעסן זיך (אַם). „נאָר מסתּמא

וועט זיך עס מיט דער צײַט א'"‚ שע,
בלאָנדזענדע שטערן.
אדיסגלעטעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסגלעטן.
אויסגלענצן — אוטוו. גלענץ אויס, ~
געגלענצט. אויך מיט זיך. דזוו
אויסגלאַנצן ←.
אויסגלעסעווען — טרוו. גלעסעווע אויס,
~געגלעסעוועט. דזוו אויסגליסעווען ←.
אויסגלעקלען — טרוו. גלעקל אויס, ~־
געגלעקלט. אויסקלינגען מיט אַ גלעקל;
פֿאַרשפּרייטן בשׂורה (ידיעה) אויף פֿרײדיקן אופֿן.
א, די נײַס. אין פֿאַנסיאָנאַט גלעקלט מען אויס
די צײַט פֿון עסן. „...גלעקלען אויס...
מאָנאָטאָן און באַנג די אויסגעגראַמטע ווייען"‚
אַל II, 'מײַן קאַראַוואַן'.

-

אויסגנבֿענען — [...גאַנווענען] טרוו. גנבֿע
אויס, ~געגנבעט. צונעמען אָן דעם צווייטנס
וויסן; צוגנבֿענען אַ טייל, אַלץ. „נאָך דײַנע
רייד מעג מען אַפּנים...אַפֿילו אַ קלויסטער
א', אַבי דאָס ווײַב וויל אַזוי"‚ ייִפּאָל, 1886,

*No 3

אויסגע־ — די ווערטער וואָס מע

געֹ□

פינט ניט מיט אויסגע□.. ← א ו י ס

□

+ דעס ערשטן אות פון שטאַס.

אויסגעאָטעמט — אַדי, פּאַר

אויסאָטעמען ←. 1. וואָס מע האָט אַרויסגעאָטעמט. א'ע לופֿט. 2. דורכגעלעבט. "אין זײַן האַרץ ציטערט דער הויך פֿון א'ע טעג", נאַד.

אויסגעאָטעמטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעאָטעמט. די א, פֿון דער לעצטער האָפֿענונג.

אויסגעאיבט — אַדי, פּאַר אויסאיבן ←. געניט, צוגעוואוינט. „אין בענקעניש איז אויסגעאיבט מײַן האַרץ", מאָל, 'אָטוואָצק'. [דטשמ].

אויסגעאיידלט — אדי, פּאַר

אויסאיידלען ←. 1. וואָס איז געוואָרן איידל, איידעלער; ראַפֿינירט. „אונדזער ייִדיש איז פֿילפֿאַרביק און בייגעוודיק, יאָדערדיק און א'", ימ, פֿאַרן ייִוואָ, קאָוונע 1926. „דער מענטש קאָן

באַלעבאַטעווען אויף זיך דורך זײַנע
אויסגעשאַרפֿטע א'ע חושים", חג, ישיבֿה. 2. וואָס איז
פֿײַנער ווי דער דורכשניט, מאַכט אײַנדרוק
פֿון אַריסטאָקראַטישקייט. א, פּנים, א'ע
מאַנירן. 3. וואָס טויג ניט צו פּשוטער
אַרבעט; וואָס האַלט זיך העכער ווי דער פּשוטער
עולם. "זיי זענען אַלע שווערע ייִדן, א'ע,
כּבֿיכול, אָדער גלאַט פֿוילער, האָבן ליבֿ אַ סך
צו שלאָפֿן", מ. טײַטש, איבֿז, ביאַליקס אַריה
בעל־גוף. "א'ע זינדלעך זענט איר אַלע", הל.
אויסגעאיידלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעאיידלט. שפּעטער, א', וועט ער אַזוינס ניט
טאָן.

אויסגעאַרבעט

אויסגעאיידלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעאיידלט. „דער
ייִדישער ליטעראַטור האָט געפֿעלט א',
ראַפֿינירטקייט, אַריסטאָקראַטישקייט", ימ, פֿון צײַט
צו צײַט, קאָוונע 1927.
אויסגעאייטערט — אַדי, פּאַר
אויסאייטערן ←. 1. וואָס איז פֿרײַ געוואָרן פֿון

אייטער. 2. וואָס איז דורכגעדרונגען מיט
אייטער.
אויסגעאײנצלט — אַדי, פֿאַר
אויסאײנצלען ←. אויסגעטײלט, אויסגעזונדערט. דער
א'ער געווינער.
אויסגעאײנצלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעאײנצלט.
די א, פֿון ייִדישן פֿאָלק.
אויסגעאַמפּערט — אדי, פּאַר
אויסאַמפּערן ←. וואָס מע האָט זיך שוין דורכגעקריגט,
דורכגעטענהט וועגן דעם. אַן א'ע פֿראַגע.
אויסגעאַנדערשט — אַדי פּאַר
אויסאַנדערשן ←. וואָס איז געוואָרן ניט אַזוי ווי
דאָס איבעריקע (פֿון דער גרופּע, דעם מין
אָדער ווי פֿריִער). א'ע באַדינגונגען, א'ער
צוגאַנג. א'ע מנהגים. א, פֿאָלק.
אויסגעאַנדערשטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעאַנדערשט. ניט קענען פֿאַרלײקענען אונדזער א,.
אויסגעאַנקערט — אַדי, פּאַר
אויסאַנקערן ←. 1. אויסגעוואָרצלט; וואָס איז ניט
פֿאַרפֿעסטיקט אין אַ באָדן, סבֿיבֿה אע. א'ע
אימיגראַנטן. 2 פֿאַרפֿעסטיקט מיט אַנקערס. ״א'ע
.

שיפֿן רוען אין האַפֿן".
אויסגעאַסרט — [...אַ'סערט] אַדי, פּאָר
אויסאַסרן ←. וואָס איז פֿאַרווערט (געוואָרן)
לויטן דין; וואָס איז דערקלערט געוואָרן ווי
טריף. א'ע פּאַרטיי = אומלעגאַלע.
אויסגעאַסרטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעאַסרט. עסן עפּעס א'.
אויסגעאַסרטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעאַסרט. „זיי
לייגן אַרויף אַ שטעמפּל פֿון א, אויף אַלע
אונדזערע שטרעבונגען און מיינונגען", רייד.
אויסגעאַקערט — אדי, פּאָר אויסאַקערן ←.
וואָס מען איז דורכגעגאַנגען מיט אַן אַקער.
אויסגעזוכט, אויסגענישטערט, דורכגעפֿאָרשט.
"די ערד, אַן א'ע אין גלאַנציקע פּלאַכטעס...",
חייט פּעט, צווישן פֿײַערן. אַן א'ער ענין.
אויסגעאַרבעט — אדי, פּאַר אויסאַרבע,
טן ←. 1. וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון אַרבעט,
פֿון אויסאַרבעטן. דער א'ער מאַטער אַל.
י
„...ברענגען זיי געגנדז, שעפּסענע פֿעלכלעך,
א'ע שמויסלעך וכדומה", ממוס, שלמה. „זיי
אַרבעטן און פֿאַרקויפֿן דאָס א'ע אונדזערע

ייִדישע סוחרים“, ממוט, 'צוריק אַהיים'.
2. וואָס איז פֿאַרניצט געוואָרן בײַ אַן אַרבעט.
א, רויוואַרג, א'ע שמאַטעס. *א'ע הענט =
דואָס מע זעט, זיי האָבן אַ סך געאַרבעט;
צעקאַרבטע פֿאַרמאָזאָליעטע הענט. 3. מיד,
,
פֿאַרמאַטערט. „דענמאָלט איז זי געווען מיד
און א, און אַצינד באַקומט ער זי וואויל
אויסגערוט“, לט2, 1/6. 4. וואָס איז אַ רעזולטאַט
פֿון אַרבעטן איבער זיך, פֿון אייגענער

אַנטאויסגעאַרבעטערהייט

וויקלונג. „ניט קיין א'ער איך, נאָר אַ פּשוטער
גס־הרוחדיקער איך“, לדב. 5. אויסגערעכנט,
אויסקאָמבינירט. א'ער פּלאַן.
אויסגעאַרבעטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעאַרבעט. א, וועט עס אויסזען אַנדערש.
אויסגעאַרבעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעאַרבעט
פֿאַר.
מאַטערטקייט.
אויסגעבאָדן — אדוו. [אין לד נב]. גרינטלעך,

דורך און דורך. „איך קען אים א‘‘,
בּערדיטשעווסקי, ייִדישע כּתבֿים. [אין דעם בּ ניט
מיגלעך צו ניצן ווי אַן אדי].
אויסגעבּאָדן — אַדי, פּאַר אויסבּאָדך ←.
~געבּאָדענער. 1. אויסגערייניקט;
אויסגעוואַשן. דורכגענומען, דורכגעזאַפּט. „אָט
שפּרינגט אַרויס די זון אין רויטן טוי, פֿון
בּלוט אַזוי ווי א‘‘, אַל II, 'מײַן קאַראַוואַן'.
‘‘דו א'ער אין שײַן...‘‘, לאַפּין, פֿולער קרוג.
*א, אין חובֿות = איבּערן קאָפּ, זייער אַ סך
שולדיק. 2. געניט, אויסגעקאָכט, בּאַהאַוונט. א,
אין אַלע געשעפֿטן. א, אין ש‘‘ס און פּוסקים.
„אין דער גובּערניע איז ער א‘‘,
בּערדיטשעווסקי, ייִדישע כּתבֿים [= ער קען אַלע
וויכטיקע
מאַכערס אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער
גובּ'].
אויסגעבּאָדנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסגעבּאָדן. אַ לויטערקייט,
אַן א, פֿון די פּנימלעך.
אויסגעבּאָדענערהייט — אדוו. ווען עס
איז שוין אויסגעבּאָדן; אין צושטאַנד פֿון
נאָכן אויסבּאָדן. „א, שײַנען זיי, די קינדער‘‘.
אויסגעבּאַהאַלטן — אַדי. ~האַלטענער.

פֿטמ. דזוו אויסבאַהאַלטן, נאָר עמפּאַטישער.
אויסגעבאַלאַנסירט — אדי, פּאַר
אויסבאַלאַנסירן ←. דזוו אויסבאַלאַנסירט. „אויב די עלטערע קענען שוין מערניט ניט זײַן אַזוי אײַנגעגלייבט אין זיך, צי איז כאָטש די יוגנט א, און צופֿרידן?“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט.
אויסגעבאַלאַנסירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבאַלאַנסירט.
אויסגעבאָלבעט — אדי, פּאַר
אויסבאָלבען ←. אויסגעפּלאפּלט, אויסגעפּלוידערט. א'ער סוד; א'ע נאַרישקייט.
אויסגעבאַלו(ז)שעט — אַדי. פּר.
אויסגעשטאַרצט, אויסגעגלאָצט (וועגן אויגן).
אויסגעבאַלט — אַדי, פּאָר אויסבאַלן ←.
אויסגערונדיקט. אויסגעשטאַרצט. מיט גרויסע א'ע אויגן.
אויסגעבאַלעוועט — אַדי, פּאָר
אויסבאלעווען ←. 1. שטאַרק צעפּיעשטשעט, פֿאַרצויגן. א'ע קינדער. 2. אָפּגעלעבט, אָפּגעניצט. אַן א, פֿאַרשוינדל מיט אַ צעקנייטשט פּנימל. לאָקל, סאָניק.
אויסגעבאַלעוועטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעבאלעוועט פֿאַרצויגנקייט, צעפּעשטשעטקייט. די
א,

.

פֿון דעם הײַנטיקן דור.
אויס(גע)באָמבאַרדירט — אדי, פּאַר
אויסבאָמבאַרדירן ←. „...אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג אין

167

דער א'ער וואַרשע“, ח. שאָשקעס, טאָג, 1961
.II 25
אויסגעבאַקט, ~געבאַקן — אַדי, פּאַר
אויסבאַקן ←. ~געבאַקענער. 1. וואָס איז
אַ רעזולטאַט פֿון אויסבאַקן. א'ע חלה. „מע
מוז זען אויסצוקלײַבן דאָס שענסטע...צו דער
המוציא...אָפּצושנײַדן פֿון דער האַרטער זײַט,
וואו דאָס ברויט איז צום בעסטן א'„, חא,
לו/א. 2. וואָס איז פֿאַרניצט געוואָרן בײַם
באַקן. א, מעל. 3. אויסגעוואַרעמט,
אײַנגעברענט. א, אויף (אין) דער זון. א, ווי אין
אויוון פֿריש א'ער ליגן = פֿריש־
צוגעקלער.

טער. 4. ראַפֿינירט; דורכגעטריבן. אַן א'ענער
און מיט אַלע שמד־שטיק.
אויסגעבאַקטערהייט, ~
באַקענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אָדער אין
מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעבאַקן. איך וועל דיר
ווײַזן דעם קוכן א'.
אויסגעבאַקנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבאַקן
פֿאַר־ .
ענדיקטקייט.
אויסגעבאָרגט — אַדי, פּאָר אויסבאָרגן ←.
1. וואָס איז געגעבן געוואָרן אַ צווייטן אויף
באָרג, צוריקצוקריגן. מײַן א, געלט האָט ער
פֿאַרטאַכלעוועט. 2. וואָס מע האָט גענומען
פֿון אַ צווייטן אויף צוריקצוגעבן; וואָס איז
צײַטווײַליק, ניט אייגנס. „אַן א'ע וועלט איז
פּונקט אַזוי ביטער ווי אַן א, קלייד...וואו זאָל
איך גיין זוכן אַ שטענדיקע וועלט?“, מאָל,
פֿון לובלין ביז ניו־יאָרק. „כ'גיי אַרום מיט
א'ן, ניט באַצאָלטן טראָט“, ראָלניק, 'אונדזער
היים בײַ גאָט'. 3. וואָס מע האָט
איבערגענומען. „...אַ פֿעליעטאָן וואָס הייסט: 'אוי,
דלות, דלות!, — אַ ווערטל, א, בײַ איינעם
פֿון י. גאָרדינס פּאַרשוינען“, מוק, פּרץ און

דאָט ייִדישע טעאַטער.

אויסגעבאָרגטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבאָרגט. צײַטווײַליקייט, ניט־אייגנקייט. א, פֿון געדאַנקען און פֿירונגען.

אויסגעבאָרן — טרוו. געבאָר אויס, ~געבאָרן. פֿטמ. לד. געבערן, האָבן קינדער. קללה: זאָלסט א אַ מנין און קיין קדיש נאָך דיר זאָל ניט בלײַבן.

אויסגעבאַרשט, ~געבאַרשטן, ~ געבאָרשטן — אַדי, פּאַר פֿון אויסבאַרשטן ←. אויך: אויסגעקעמט, אויסגעפּוצט. „זיצט אַ מיידעלע אין קייזערלעכן גאָרטן, אויסגעפּוצט און אויסגעבאָרשטן", ייִש. „...מיט דעם ריינעם סורדוט און מיט אויסגעבאַרשטענער געל־גרויער באָרד", מוק, באגעגענישן II.

אויסגעבדהנט — [...באדכנט] אַדי, פּאַר אויסבדחנען ←. 1. וואָס קען שוין מער ניט זײַן קיין בדחן. 2. וואָס שרײַבט (רעדט) ווי א בדחן. אַן א'ער פּאָעט.

אויסגעבוטלעוועט — אדי, פּאָר אויסבוטלעווען ←. וואָס איז צעגאָסן אין (גרויסע

פֿלעשער. א'ער ווײַן.
אויסגעבויגט — ← אויסגעבייגט [ריכטיקער
אויס□ .יג און אַרויסרייד].
אויסגעבויגן — אדי, פּאָר אויסבייגן ←.
קרום, אומגלײַך, אַרויסגערוקט פֿאָרויס. א, ווי

אויסגעבונדן

אַ ווערבע, וו אַ שופֿר. *א'ע גלאָז = גלאָז
י

וואָס באַקומט זיך פֿון אויסבלאָזן מיט אַן
אויסבולטונג. א, רערל. א , ע ר שפּיגל —
פֿאַרקלענער־שפּיגל. א , ע ר פֿילעק — אַלע זײַנע
זײַטן גייען אויף אַרויס. „אַ...מעובֿרתע
ייִדענע...האַלט דעם רוקן א, אויף צוריק, טראָגט
דעם בויך מיט אַ משונה גדלות“, ממוס, '
צוריק אַהיים'. „...אַ קראַנקער וואָגן, א, אויפֿן
לינקן אַקסל“, אשט, משלים.
אויסגעבויגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבויגן.
אויסגעקרימטקייט. דער גראַד פֿון א, פֿון דער
ליניע.
אויסגעבויגענערהייט — אַדוו.
קרומערהייט, אויסגעקרימטערהייט. ער גייט א',

אויסגעקרימט אין דרײַען.

אויסגעבויט — אַדי, פּאָר אויסבויען ←.

וואָס איז פֿאַרענדיקט אין געבוי.

אויפֿגעשטעלט. „פֿאַרטיק א, שטייט גאָטס הויז דאָרט, ס'ציִען זיך אַהין די פֿעלקער אַלע„, ממוס, יודל. אַן א'ע סיסטעם.

אויסגעבויטערהייט — אדוו. ווען מע האָט עס פֿאַרענדיקט בויען; אין מצבֿ פֿון נאָכן אויסבויען. „א, זעט עס אויס ניט אַזוי שיין ווי דער פּלאַן האָט געוויזן“.

אויסגעבויכט — אַדי, פּאַר אויסבויכן ←.

1. וואָס האָט רונדלעכע, קײַלעכדיקע אַרויסשטאַרצונג. בײַכיק. „אַ טײַער פֿראַנצייזיש מעבלשטיק — אַן א'ער קאַמאָד“, אַש, תּהילים־ייִד. א'ער פּילעק — אַ פּאָר (עטלעכע) זײַטן וואָס גייען אויף פֿאָרויס. 2. וואָס איז אַ בויך־סבֿרה. נעאָל. “אַ...טענדענץ, אויסגעטראַכטע, אויסגעמוטשעטע, א'ע אָדער אמתע“,

יג, טמז, 2 ◻ 1957 I.

אויסגעבויערט — אַדי, פּאָר אויסבויערן ←.

געשאַפֿן, דערגרייכט דורך בויערן. א'ער ברונעם.

אויסגעבוירן — דזוו אויסגעבאָרן, פּד, אוקר.

אויסגעבוכט — אַדי, פּאַר אויסבוכן ←.

פֿאַרשריבן לויט אַלע כּללים פֿון בוכהאַלטעריע. א'ע אָפּעראַציעס.
אויסגעבולבעט — אדי, שפּאָטיש, אויסגעבילדעט. ←אויסבילדן I.
אויסגעב▯לט — [...בוילעט] אדי, פּאַר אויסבוֹלטן ←. וואָס איז רעליעף, קומט אַרויס פֿאָרויס, קלאָר. אויסגעבויכט, אויסגעשטאַרצט. „די שאַרף־א'ע באַקנביינער„, ים, איבז טאָמאַס מאָנט טאָניאָ קרעגער.
אויסגעב▯לטקייט — די (דאָס), ־ן. ← דפֿוו. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבוֹלט. אַ בכיוונדיקע א, פֿון אַ פֿאָרמולירונג.
אויסגעבולן — אדי, פּאָר אויסבילן ←. ~ געבולענער. וואָס מע האָט אַרויסגעזאָגט אַזוי ווי מע וואָלט בילן. א'ע קללות.
אויסגעבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגעבן ←. הוצאה.
אויסגעבונדן — אַדי, אדוו. פּאָר אויסבינדן ←. ~געבונדענער. 1. פֿאַרבונדן, פֿאַרקניפּט, צונויפֿגענומען. אײַנגעראַמט. א'ע הינער. א'ער קראַוואַט. א'ע פּעקלעך. „דער ייִד וואָס איז א, מיט טויזנטער סתּירות“, בעל־מחשבֿות II. „פֿון פֿלאַמען־פּורפּור א„ אַ קמיע מיט דעם

שם־הויה פּלאַקערט“, אַל III, 'ר, לוי־יצחק
באַרדיטשעווער'. 2. וואָס איז שטאַרק
באַפֿרײַנדט, אין גוט־חבֿרשאַפֿט. א, מיט אַלע
שכנים, מיט דער גאַנצער וועלט. ,,א, מיט
די גרעסטע,,, שע. “זײַן פֿאָטער האָט אַמאָל
געוואוינט אויפֿן ישובֿ און מיט ר, שמואלן
איז ער געווען זייער א'“, אָנוכי, 'אַמאָליקע
שמחות'. 3. (נאָר ווי אַן אַדוו אָדער
פּרעדיקאַטיוו). גוט, אינטים באַקאָנט; אין אַלע
פּרטים אינפֿאָרמירט. ,,...שרײַבערס פֿון
אונדזער צײַט וואָס קענען גוט דאָס פֿאָלק, א, פֿון
קליין ביז גרויס“, ממוס, שלמה. ,,דו, וואָס
דו ביסט אײַנגעקניפּט און א, מיט מײַנע יונגע
יאָרן,,, שע, ייִדישע קינדער. ,,זי קען זיי, א,
קען זי זיי, אָט די אויסגעלאַסענע
פּאָליטעכניקעס“, בערג, נאָך אַלעמען. קענען ווי א'.
,,דער פֿערד, דער טרײַער פֿירער, וואָס קען
דעם וועג ווי א'“, יהואָש, 'פֿון די
קעטסקילבערג'. [ב2 און ב3 קומען ווי אַ רעזולטאַט
פֿון דורכלאָזן (אַ ז ו י) ו ו י] זיי
זײַנען א'ע פֿרײַנד. 4 פֿטמ (אין פֿאַרבינדונג

.

מיט אַן אַדי וואָס ווײַזט אויף אַ מעלה) זייער,
שטאַרק. ער איז א, קלוג, כיטרע פֿרײַנדלעך
,
אע פֿיר קלייניטשקע זענין אויף דער וועלט,
. „
זע זענין אבּר גאַר א, קלוג“, מס, משלי, ל, 24.
אויסגעבּונדנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבּונדן.
נאָענטקייט, גוט־חבֿרשאַפֿט. אַן א, צווישן די
שוועסטערקינדער. „מאור ואור וואָס דאָס איז
דאָך די גרעסטע דרגא, איז אויך דער עיקר
די התקשרות, די טיפֿע א',„ לדבּ.
אויסגעבּונדענערהייט — אַדוו. ווען מען
האָט עס אויסגעבּונדן; אין מצבֿ פֿון נאָכן
אויסבּינדן. אַרויפֿלייגן די קעלבּלעך אויפֿן
וואָגן א'.
אויסגעבּונטעוועט — אַדי, פּאַר
אויסבּונטעוועט ←. וואָס איז אין צושטאַנד פֿון בּונט,
רעוואָלט. אויפֿגעהעצט. דער א'ער המון, א'ע
זעלנערס.
אויסגעבּונטעוועטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעבּונטעוועט. „די א, וועט אונדז ייִדן קיין גוטס ניט
בּרענגען„, רייד.

אויסגעבֿורט — די, ־ן. דאָס (שלעכט) געבֿוירענע (מיט אַ מום, פּגימה). ניט קיין גערעאָטענער פּראָדוקט. „זײַנע ליגנס זענען נישט געווען קיין בייזוויליקע, נאָר א'ן פֿון זײַן מאָדנער פֿאַנטאַזיע“, ייִט, פּוילן I. „...אָדמס א'“, פּמ, סתּם. זן אויך: קינד, דור.

~ג◻טלט. וואָס מע האָט דורכגעלעבֿט

אויסג בטלנט — [...בּאַ'טלענט] אַדי. אויך:

ווי אַ בטלן. א'ע יאָרן אויף דער האַרטער בית־מדרש־בּאַנק.

אויסגעבּיטן — אַדי, פֿאַר אויסבײַטן & אויסבּיטן ←. ~געבּיטענער. 1. וואָס מע האָט עס באַקומען פֿאַר אָפּגעבֿן אַן אַנדער זאַך. א'ע סחורה. 2. וואָס איז אין פֿאָרעם פֿון קליינגעלט. אַן א, פֿינפֿערל צעקריכט זיך באַלד. 3. (מעטאָנימיש) וואָס מ'האָט פֿאַרבּיטן עפּעס וואָס איז גרויס אויף קליינע באַשטאַנדטיילן. „אָט פֿלאַטערן שאָטנס שטום, שוין א'ע פֿון ענדלאָזן ניטאָ...„ אַל 4 .II. וואָס

מע האָט אויסגעבאָטן בײַם קויפֿן. א'ענער
פּרײַז. „אָ, דו ציגעלע פֿון אויפֿגאַנג, פֿאַר צוויי
גילדן א'ס‟, פּמ, קופּע.
אויסגעביטענערהייט — אַדוו. ווען מען
האָט עס שוין אויסגעביטן; ווען מען האָט זיך
שוין געביטן פֿאַרפּלאָנטערן די זאַכן א'.
.
אויסגעבייגט — אַ□י, פּאַר אויסבייגן ←. דזוו
אויסגעבויגן. א'ע רייפֿן. ‟יעדערער פֿון זיי
פֿאַר גאווה אַזש אויף הינטער א'‟, בּראָד,
'באַגײַסטערונג'.
אויסגעבײַטלט — אַדי, פּאַר אויסבײַטלען I &
II ← .1. אויסגעזיפּט, דורכגעזיפּט (נאָכן
מאָלן). א'(ע) מעל. .2 אויסגעגעבן,
אויסגעליידיקט. *ער איז שוין אַן א'ער = ער האָט
ניט מער קיין געלט. „און די קאָלעגן זײַנען
אַלע א'‟, אר, 'בלומען,. .3 באַשווינדלט,
צעטומלט. „ער גייט אַרום אַן א'ער, אַ
באַנומענער‟, נס, משפּחה מאַשבער.
אויסגעבײַכט — אַדי. דזוו אויסגעבויכט.
„דו האָסט געקוקט אויף די א'ע...לאַנגע
פֿרויענקליידער אויף דער וואַנט‟, לאַפּין, ,דער
פֿאָטער,.
אויסגעבײַכלט — אַדי, פּאַר אויסבײַכלען ←.

וואָס האָט באַקומען אַ בײַכל; קײַלעכדיק; שוואַנגער; אויסגעפּאַשעט פּעט. אַן א'ער
בּיו,
ראָקראַט. „זײַנע קלעפּקעס זײַנען ניט געוועז א'", העשעלעס.
אויסגעבײַכלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבײַכלט. „זי איז אַ נידעריקע פֿון א, זעט זי אויס נאָך
,
קלענער„.
אויסגעבײַלט — אַדי, פּאַר אויסבײַלן ←.
וואָס האָט אַ בײַל, אַ גוז; צעבײַלט; וואָס איז אויסגעהאַמערט. געשוואָלענע, א'ע פּנימער.
א'ער טאַץ.
אויסגעבײַלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבײַלט.
אומגלײַכע א'.
אויסגעביינ(ער)ט — אַדי, פּאַר
אויסביינע(ר)ן. 1. וואָס איז באַפֿרײַט פֿון ביינער.
א, שטיקל פּיש. 2. וואָס איז פֿול מיט
ביינער. „...קום איך דער ערשטער פֿון
אויסגעביינטן טאָל", פּמ, 'זינגענדיקע שטיינער'.
2. וואָס האָט (אַ סך, בלויז,
אַרויסשטאַרצנדיקע) ביינער. „פֿריִער האָט זי אויסגעוויזן

ווי
אַן אַלטע סטערווע, אַן א'ע,,, מ. דלוגאַטש,
קמ, 26 1870, No. ,,יונגער ייִד פֿון פּשיטיק,
א, גופֿל, גאָט האָט דיך פֿאַרגיטיקט, דו זאָלסט
זײַן דער רופֿער,,, אפֿא, לויטער איז דער
אַלטער קוואַל.
אויסגעבּילדעט — אַדי, פּאַר אויסבּילדן ←.
אָפּט סובּ. וואָס האָט באַקומען גוטע, גרינטלעכע
בּילדונג. ,,...קען פֿון אים ווערן... אַן א'ער
יונגערמאַן וואָס וועט אין זיך האָבּן תּורה און
חכמה", ליאָנדאָר, 1887.
אויסגעבּיסן — אַדי, פּאַר אויסבּײַסן ←.
~געבּיסענער. אויסגעגעסן, אויסגעלעכערט:
וואָס זעט אויס ווי מע וואָלט מיט ציין
אויסגעריסן. אַן א, שטיק האָלץ. ,,אַן אײַנגעפֿאַלענע,
פֿאַרפֿינצטערטע שטובּ מיט א'ע ווענט,,, פּרץ,
'קלאָץ־געשיכטן,. "...איבּער די אָפּגעקראָכענע

אויסגעבּלויזט

הײַזער, איבּער די א'ע שטיקער
אַספֿאַלטגאַס...,,, אָפּאַ, אַ תּכלית'.

,
אויסגעבּיקטשעט — אַדי, פּאַר

אויסביקטשען ←. אַרויסגערוקט, אַרויסגעשטעלט
פֿאָרויס. גיין מיט אַן א'ן פֿאָרנט (הינטן).
אויסג אויסב .
אויסאָזענער. אויך: ~געבל
בלאָזן — אַדי, פּאַר אזן ←.
~געב אָזט.
געלאָשן מיטן אָטעם, ווינט; אַוועקגעבלאָזן;
אויסגעריייניקט פֿון שטויב; אויסגעקילט מיט
פֿאָכען; אויסגעשפּילט אויף אַ בלאָז־
אינסטרומענט. אַן א, ליכטל; א'ע ליולקע; א'ע יויך.
2. וואָס איז פֿאַרענדיקט, אַוועק, דורכגעפֿאַלן.
א'ע האָפֿענונגען. „א, איז דער טאָג“, שע,
פֿון פּסח צו פּסח. 3. פּוסט, ליידיק, אָן אַ
ווערט. *האָט אַ ווערט ווי אַן א, איי [ווײַל
געבליבן בלויז שאָלעכץ, ← אויסבלאָזן ב7].
„אַזאַ חסידות איז אַזוי ווי דער צעגאַנגענער
שניי, עס איז פּונקט אַזוי פֿיל ווערט וויפֿל
אַן א, איי„, טעיאַטאָר, „פּורע שווינדל, אַן
אויגן־פֿאַרבלענדעניש פֿאַרזילבערטע
שערב,
לעך, אַן אויסגעבלאָזטע איי„, ממוס, שלמה.
[וועגן ניצן א'ע אייער: „שבֿועות־צײַט — מיט
אויסגעבלאָזענע אייער צו מאַכן פֿייגעלעך„,
ממוס, ווינטשפֿ. „ווען דער שפּאָלער זיידע

איז געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מען אים
געבראַכט אַ מתּנה אַן א, איי מיט אַ שיסל
מייערן־צימעס", סמבֿ.]
אויסגעבלאָזנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבלאָזן. די
א, פֿון אַזעלכע חלומות און פּוסטע
האָפֿענונגען.
אויסגעבלאָטערט — אַדי, פּאַר
אויסבלאָטערן. באַדעקט מיט בלאָטערן. אַן
אויסגעפּרישטשעט און א, פּנים.
אויסגעבלאָכן — אַדי. פּר. ~געבלאָכענער.
אויסגעבלייכט, אויסגעבלאַסט. „ער איז א',
קיין טראָפּן בלוט ניטאָ אויפֿן פּנים."
אויסגעבלאָנדט — אַדי, פּאַר אויסבלאָנדן.
אויסגעפֿאַרבט אויף בלאָנד. א'ע האָר.
אויסגעבלאַסט — אַדי, פּאַר אויסבלאַסן.
וואָס איז געוואָרן אינגאַנצן בלאַס.
אויסגעבלייכט. א'ע פֿון שרעק. „נײַגעריק און מיט
א'ע פּנימלעך זײַנען אויך געבליבן זיצן...צוויי
בריד ערלעך", זש, שקלאָווער קינדער. „און
פֿאַר שרעק איז ער געוועזן ווײַס א, ווי אַ
מת", י. מאָרגענשטערן, מכע פּלאַכטע, ווילנע
1894.
אויסגעבלאַסטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבלאַסט. א,
פֿון הונגער און שרעק.
אויסגעבלאַקירט, ~געבלאַקעוועט —
אַדי, פֿאַר אויסבלאַקירן & ~בלאַקעווען. וואָס
האָט אָנגעוואָרן דעם קאָליר. „זי מעסט מיך
מיט אירע מאַמיש אויסגעבלאַקירטע אויגן“,
פּרץ, זכרונות. „...מיט אַן אויסגעבלאַקעוועטן
ציצענעם סטאַניק“, פּרץ, בילדער און סקיצן.
אויסגעבלויזט, ~געבלייזט — אַדי, פֿאַר
אויסבלויזן & ~בלייזן ←. אַרויסגעשטעלט
נאַקעט, דעקאָלטירט. אַן א'ער רוקן. אַן א,
קלייד. „איך האָב געמיינט אַז ניט צו גיין
אויסגעבלייזט איז דאָס נאָר אַ חסידישע זאַך“,
ניסן לעווינסקי, זיחות ערבֿות, פּיעטרקובֿ,
תּרפּ“ה.

אויסגעבלויזטערהייט

אויסגעבלויזטערהייט, ~
בלייזטערהייט —, אַדוו. ווען עס איז שוין (אָדער
אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעבלייזט. זיך
באַווײַזן פֿאַר מענטשן א'.
אויסגעבליט — אַדי, פֿאַר אויסבליִען ←.
וואָס האָט שוין אויפֿגעהערט אָדער ערשט

אָנגעהויבן בליִען. א'ע קווייטן. א'ער עפּלבוים.

אויך: ~געבלייכנט, פּר. וואָס איז
געאויסגעבלייכט — אַדי, פּאַר אויסבלייכן ←.

וואָרן בלייך; אויסגעבלאַסט. אײַנגעפֿאַלענע,
א'ע באַקן. „און זעט זיך מער נישט אַרויס
נאָר ווי אַן א, פּנימל“, ווײַס, „אַ חתן ווערן'. „און
דורכן טאָג אין חדר זיץ איך אַ דערהויכטער...
אַן א'ער„, אַל I, 'מיט אַ מעשׂה פֿון דער
אינקוויזיציע. „....שליאַכן — א'ע פֿידלען“, הל,
„דײַנע ברכות'. „זע נאָר ווי דער יונג זעט
אויס, ר'איז דאָך אויסגעבלייכנט„, פּערלע, ייִדן
פֿון אַ גאַנץ יאָר.
אויסגעבלייכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבלייכט. די
א, גיט אים צו איידלקייט.
אויסגעבלימלט — אַדי, פּאַר
אויסבלימלען ←. וואָס איז באַדעקט (דורכגעפֿלאָכטן,
אויסגענייט) מיט בלימעלעך. א'ע בלוזקע.
אויסגעבליפּט — אַדי. פּאַד. אָפּגע◻לאַנקט;
אָפּגעריבן, אויסגעריבן. אַן א'ער טעפּעך.
אויסגעבליצט — אַדי, פּאַר אויסבליצן ←.
וואָס האָט זיך באַוויזן פּלוצעם און מיט אַ

שײַן; וואָס איז אַרויסגעקומען ווי אַ בליץ.
א'ע בליקן. א'ע חכמות.
אויסגעבלישטשעט — אַדי, פּאַר
אויסבלישטשען ←. אויפֿגעשײַנט, אויסגעגלאַנצט.
,,אַלע זענען געבליבן שטיין מיט א'ע אויגן,,,
ווײַס, ,דאָס לעבן'.
אויסגעבלעזלט — אַדי, פּאַר אויסבלעזלען←.
אויך: וואָס האָט אין זיך בלעזלעך. ,,שנײַדט
אויף דעם שטיל אָדער בלאַט פֿון אַ
וואַסערלילי‏ע, וועט איר זען אַז זיי זײַנען א, ווי גוט
אויפֿגעגאַנגענע חלה“, א. גאָלאָמב, איבז
באָטש, געוויקסן.
אויסגעבלעטערט — אַדי, פּאַר
אויסבלעטערן. 1. וואָס איז געמאַכט אין פֿאָרעם פֿון
אַ בלאַט. א, טייג. 2. דורכגעבלעטערט. א'ע
ביכער. ,,זשורנאַלן א'ע...,,, ראָלניק, 'אין לײַב..
רערי',.
אויסגעבלענדט — אַדי, פּאַר אויסבלענדן ←.
וואָס האָט אויף זיך אַ צו שטאַרקע שײַן;
וואָס איז געוואָרן שײַניק, בלענדיק. א'ע אויגן.
די זינגערין מיטן א'ן קלייד.
אויסגעבן — טרוו. גיב, גיסט, גיט, גיבן, גיט
(אויך: געב, געט, געבן) אויס; ~געגעבן.
1. באַצאָלן געלט פֿאַר (אײַנגעקויפֿטע) זאַכן;

מאַכן הוצאות. א, געלט. א, מער וויפֿל מע פֿאַרדינט. א, אויף צדקה, אויף כּלערליי הצטרכותן. „וואָס מע גיט אויס ווינטער אויף הייצונג גיט מען אויס זומער אויף נאַרישקייטן„, שוו. „ווען קיין געלט אים קהל איז, דא איז דער פּ״ה [= פּרנס החודש] מחויבֿ צו לייהן...דאַך טאָר ער אַליין עש ניט אויז גיבֿן„, תּקק. „דען דיזוש איזט איין גימיין שפּריך וואָרט..אליש זייניר צײַט געלט אויז צו געבֿין אונ, אויך אין זיינר צײַט צו

שפּאָ169

רין„, גה, 307. „איך וויל ניט נויכטרן געלט אויש געבֿן״, בּרנט שפּיגל, פּ, סח. „האָבן אײַערע פּוסטע מענטשעלעך סומעס געלט אויסצוגעבֿן אויף אַלצדינג וואָס מע טאָר ניט זאָגן״, ממוס, קליאַטשע.

2. אויסטיילן; סתּם געבֿן. א, זאַכן פֿאַר די אָרעמע. „און אַז גאָט זאָל אונדז געבֿן אַזוינע זאַכן וואָס זײַנען איבֿעריק פֿון אונדזער שפּײַז, מיר זאָלן...עס א, ווי מע בּאַדאַרף„, חה ,בּ, 22. „איך וועל דיר שענקען אַלע אוצרות פֿון גזילה ...אַבֿי גיבֿ מיר אויס אַ תּשובֿה„ [← בּ7].

נחבֿ, 'מעשׂה מחכם'. ,,אַנטקעגן טאַנצט דער גרויער ווינט, צעלאָזן בּרייט די פּאָלעס, אין רעגן ווײַנט די הינטערגאַס — די נאַכט גיט אויס דעם דלות,,, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט [ווש מיטן בּ4.].

3. אויסטיילן פֿאַר געלט; פֿאַרקויפֿן, אָפּזעצן. א, סחורה; א, די דאָרפֿסגייערס פּעקלעך צעלניק. א, פּאָרציעס אין דער בּיליקער קיך. ,,...ערלויבּט די בּעקער און קאָנדיטאָרס אויסצוגעבּן קאַווע און שאָקאָלאַד און בּאַפֿרײַט זיי פֿון אַקציז", ייִפֿאָל, 8 1886, No.

4. חתונה מאַכן. עס קאָסט ווי אויסצוגעבּן אַ טאָכטער. ,,דורך געזינדער גיט מען אויס קינדער", שוו. ,,אויף אַ שטוב בּויען און אַ קינד א, איז דאָ בּײַ גאָט אַ בּאַזונדערער אוצר,,, שוו. ,,אוי אַ שׂמחה, אוי אַ פֿרייד! די מיזינקע אויסגעגעבּן!", וואַר. ,,ווען איינר איינם וואז איז שולדיג...אונ, וואָלט בּתּוך הזמן טאָכטער אויס געבּן אונ, איין נדוניא נאָך געבּן...,,, תּקק. ,,דאָך בּיגער איך בּתּי שתּי, ניט אויז צו געבּן אָן נדוניא ח,,ו,,, פּראָגבּ, 28. ,,אונ, דאש האבּ איך מעשׂר געבּן...אונ, אַזוי פֿיל האבּ איך ארמי מיידן אויש געבּן", מנקת רבֿקה, קראָקע שע,,ח, שער ז. ,,ער ע"ה

האָט שטעטש גיטראַכט זייני קינדיר אויז צו געבּין מיט עהרליכי לייט“, גה, 57.
5 פֿאַרמסרן, איבּערגעבּן אין די הענט פֿון
.
דער מאַכט. „וויל דיך איינר דער שלאָגן... מא‏שטו אים אויש געבּן“, עיון, 2/26. „...פֿלעגט נעמען בּײַ זיי גרויסע חודש־געלטער, איצט גיט ער זיי אויס איינציקווײַז“, בּערג, בּײַס דניעפּער II. *א, זיך (אַליין) = דורכפֿאַלן מיט עפּעס און שטעלן זיך אין אַ סכּנה.
6. אויסזאָגן אַ סוד, אָנרופֿן אַ נאָמען (און דורך דעם קאָמפּראָמיטירן). „ער איז געשטאַנען אין אַ סכּנה איינמאָל אַליין דעם סוד אויסצוגעבּן“, ממוט, שלמה. „אַקעגן וואָס ווילט איר וויסן? צווואָס אומזיסט א, אַ מיידלס נאָמען?“, ממוס פֿישקע. 7. אַרויסגעבּן אַ
׳
פסק־דין, אַ משפּט פֿון געריכט. „און די שופֿטים האָבּן אויסגעגעבּן דעם משפּט, אַז מע זאָל אים אַרײַנוואַרפֿן אין ים אַרײַן“, נחבּ, 'מעשׂה מבּערגיר והעני'. *א, אַ תּשובֿה = ווען אַ זינדיקער קומט צו צדיק און בּעט בּאַשטימען, אין וואָס זײַן תּשובֿה זאָל

באַשטיין. ,,דעם מיידל האָט מען אַ תּשובֿה אויסגעגעבֿן פֿאַר דעם וואָס זי האָט זיך געוואָלט טויפֿן: דרײַ שבתים האָט מען איר ניט געגעבֿן קיין קוגל“, קמ, 17 1867, No. 8. אַרויסברענגען (מאַכן אַ גערעטעניש).

אויסגעבֿעטלט

,,וויפֿל תּבֿואה גיט אויס דאָס פֿעלד,,, ל2.

אויסגעבֿן זיך — ← דפֿוו. 1. אוטוו, דריטפּערזאָניק — טרעפֿן זיך, פּאַסירן, פֿאָרקומען. ,,עס גיט זיך אויס אַ נגיד וואָס פֿירט די וועלט ברמה“, מס, משלי תּקע״ד, כו, 10. ,,עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ טאָג — אַ גן־עדן!,,, שע, מאָטל. ,,דער טאָג, נאָך אַ רעגנדיקער נאַכט, האָט זיך אויסגעגעבֿן זייער אַ כמאַרנער“, בערג, בײַם דניעפּער I. אומפּ — *(ווּ) עס גיט זיך אויס = (ווי) עס קען זיך טרעפֿן. עס גיט זיך אויס אַז אויך אָן אָרעמאַן זאָל דערלעבֿן נחת. ,,אַ טאָג איז דענסטמאָל געווען זייער אַ שיינער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אין אלול“, ממוס, ווינטשפּ. ,,...טאָמער וועט זיך א, אַ סעזאָן וואָס וועט אומקערן דעם פֿאַרלוסט“, שע, כתרילעווקער פּראָגרעס.

2. אוטוו, פּטמ אויך אין צ ו ו י י ט ע ר פערזאָן. גערעאָטן זײַן. „אָ קינד מײַנס, זאָלסטו זיך א, אין זיידן ע"ה„. „איר גיט זיך אויס ניט אין טאַטן, ניט אין דער מאַמען, נאָר עפּעס אין פּרעמדע שוואַרציאָרן", רייד. 3. קלעקן, סטײַען, זײַן געגוג. „דאָס עסן וועט זיך א, פּאַר אַלע קינדער (אויף הײַנט און אויף מאָרגן)„. [אויך אָן ז י ך. „עס האָט בײַ אים [בײַם שנײַדער] אויסגעגעבן תּמיד מאַטעריע אַקוראַט וויפּל מע באָדאַרף", ממוס, קליינמענטשעלע].

4. מיט פּ אַ ר. אַרויסשטעלן זיך צו זײַן אַן אַנדערער אָדער אַנדערש ווי מען איז; פּרעטענדירן, סימולירן. „אויף איינם מויל וויל איך דאַר רײַטן און, בּור איין ארצט וויל איך מיך אויז געבּן", בּבֿא־בּוך, 560. „[דער פּאָליאַק] מיינט, עז ווער ניט פּר הנדן זיינש גלײַכן... און, גיבּט זיך אויז אַז וועט ער ווערט דר רבֿ פּון קראקא„, אַשכּנז. „דען ווען דוא ווערשט מענכה מאָל זאגין: איך ווייש דיא זאַך גיוויש...גיבּשט דיך זעלבּשטן פּר איין ליגנר אויש", עיון, 1/48. „עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַלע זײַנען ניט דאָס פּאַר וואָס זיי גיבּן זיך אויס", ממוס, קליאַסשע. „ער גיט זיך אויס פּאַר אַן ארץ־ישׂראל ייִד און וויל עפּעס

דערציילן נײַס“, שע, מע □ יות און פֿאַנטאַזיעט.
5. אויסגעבּן אַ סך געלט (אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט). „ער האָט זיך אויסגעגעבּן דערויף און דערונטער צו מאַכן פֿון זון אַן אַדוואָקאַט“.

אויסגעבּעט — אַדי, פּאַר אויסבּעטן II ←.
1. צוגעגרייט מיט בּעטגעוואַנט אויף צו גיין שלאָפֿן. „מע האָט געכּראַכט אַ בּעטל א', האָט ער זיך געלייגט שלאָפֿן“, שבֿחי בעש“ט.
2. אויסגעשפּרייט, אויסגעלייגט, פֿונאָנדערגעלייגט (געוויינטלעך מיט עפּעס ווייכן). דער וועג איז א, מיט פֿריש־געפֿאַלענעם שניי. „זיי האָבּן שטענדיק פֿרײַע קעפּ, די מוחות זענען א, מיט שניי־ווײַסן פֿויגל־פּוך“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „[די] שטאָט... ליגט א, צווישן גרינע בּאַרבּעטע בּערג“, בּערג, אָפּגאַנג. „כ'זוך געטרײַאיקן אויער, מיט געהער א,,, לאַפּין, פֿולער קרוג. „מאָראַליש גוט א',,, שנ, ה. לייוויק.

אויסגעבּעטלט — אַדי, פּאַר אויסבּעטלען ←.
בּאַקומען דורך בּעטלען אַדער אומבּכּבֿודיק בּעטן זיך. אַן א'ע לאַסקע, טובֿה.

אויסגעבּעטן — אַדי, פּאַר אויסבּעטן I ←.
~געבּעטענער. 1. בּאַקומען, דערגרייכן דורך (נאָך) שטאַרקן בּעטן. א'ענע הלוואה. 2. בּאַקומען נאָך אַ סך תּפֿילה טאָן. א'ענע רפֿואה שלימה. אַן א, קינד = וואָס מע

.

האָט געהאַט נאָך אַ סך מאָל בּעטן דעם רבּש"ע. 3. וואָס מע האָט שוין פֿאַר דעם מתפּלל געווען. א'ענע קוויטלעך [אויסדרוק אין חסידישע הייף]. א'ענע געלט. „זיך פֿילן זייער ניט גוט צו קומען אויף א'ענע געלט", קאַצאָוויטש.

אויסגעבּעבכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויסגעבּונג, הוצאה; אויסטיילונג (אָפּט איר, פּעיאָ).

אויסגע ▯ בּענטשט — אַדי, פּאַר אויסבּענטשן ←. 1. וואָס מע האָט אויף דעם אַ בּרכה געמאַכט. א'ע ליכט. א'ער ווײַן 2. וואָס מע האָט געגעבּן בּרכות, ווינטשעוואַניעס. א'ע קינדער. „אָ, דו עקרהדיקע הייך מיט א'ע ליכטער", פּמ, סתּס.

אויסגעבּענטשטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבּענטשט. „די א, שײַנט אַראָפּ פֿון די

קינדערשע קעפּעלעך״.
אויסגעבּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסגעבּן. אויסגעבּונג; אויסטיילונג.
אויסגעבּענקט — אַדי, פּאַר אויסבּענקען.
1. וואָס מע בּענקט נאָך דעם, וואָס מע בּאַגערט אַ לאַנגע צײַט (אָדער אינטענסיוו). די א'ע גאולה — ווען וועט זי קומען? א'ער חתן, א'ע כּלה. 2. וואָס קומט, ווערט מקוים נאָך לאַנגן בּענקען. אָט האָסטו דיר דײַן א'ע וועלט! „קומען וועט די א'ע שעה״, הירש גליק.
3. וואָס שפּיגלט אָפּ געדויערדיק בּענקען. „איך וויל, מײַן תּפֿילה זאָל ווער הערן, מײַן א'ן, מידן קול״, סעג, קאַפּריזן.
אויסגעבּענקטערהייט — אַדוו. אין מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבּענקט. וואַרטן א'.
אויסגעבּענקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבּענקט. א, פֿון בּליק. „קומען וועט דעם נבֿיאס א'״, מ. ז. טקאַטש, בּלעטערפֿאַל.
אויסגעבּעסערט — אַדי, פּאַר
אויסבּעסערן ←. פֿאַרריכט, קאָרעגירט; געמאַכט בּעסער.
א'ע אַרבּעט, העפֿטן. א'ער כאַראַקטער, א'ע

מידות.

אויסגעבּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס גיט אויס געלט; ווער עס טיילט אויס; ווער עס פֿאַרמסרט.

אויסגעבּערײַ — דאָס & די, ־ען. 1. אַרט וואו מע טיילט אויס אומזיסט זאַכן — די א'. ,,מע האָט געדונגען אַ שפּײַכלער און דאָרטן געמאַכט די א, פֿון די אַמעריקאַנער זאַכן,, (קאָוונע). 2. טואונג פֿון אויסגעבּן — דאָס א,.

אויסגעבּעריש — אַדי. אויסבּרענגעריש; בּרייטהאַרציק. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויסגעבּער.

אויסגעבּראָטן — אַדי, פּאַר אויסבּראָטן ←. ~בּראָטענער. 1 פֿאַרענדיקט בּראָטן, דורכ.

געבּראָטן. א, פֿלייש. ,,איין עשן דאז דא גאַר טרוקן איז, וואו גאַר קיין זופּ ניט דראָן איז אונ דז עש אזו וואול אויז גיבּראטין איז — דאש זעלבּיג טאָר מן וואול בּייא דאש פֿייאר

שטעלן“, לט1, 2/74. *אויסגעבּראָטענער נאַר = פֿולקומענער נאַר. 2 פֿאַרבּרוינט, שוואַרצ.

לעך. *א, אונטער די אויגן = שוואַרצע רעמלעך
אַרום די אויגן. 3. זייער פֿרײַנדלעך, חבֿריש.
(שפּאַסיק). ער איז אויסגעקאָכט און א, מיט
אים.
אויסגעבראָך — דער, ־ן. פֿטמ. דזוו
אויסבראָך, אויסברוך. אָנהייב (פֿון מלחמה,
פּאָגראָם, סקאַנדאַל).
אויסגעבראַכט — אדי, פּאַר אויסברענגען←.
1. אויסגעגעבן; פֿאַרשווענדט, פֿאַרניצט. אַן
א'ער פֿאַרמעגן. א'ע כוחות. 2.
אויספֿאַרקויפֿט. א'ע סחורות. 3. אויסגעדריקט
פֿאָר,
מולירט. דער א'ער געדאַנק.
אויסגעבראַכט ווערן — פּאַס. ווער א', א,
געוואָרן. פֿאַרלאָרן ווערן; אויסגערויבט
ווערן. פֿאַראָרעמט ווערן; „אטייל זיינין
אַנטרו
נין גיווארין מיט די נפֿשות און זייער האָב
און גוטש איז אויש גיבראכט גיוואָרין“, מעע)ה
אומן. *א, וו, פֿון פֿאַרמעגן = אָרעם ווערן.
אויסגעבראָכן — אַדי, פּאַר אויסברעכן I, II,
III ←. ~בראָכענער. 1. וואָס רײַסט זיך
אַרויס מיט כוח, וואָס הייבט זיך אָן מיט
אימפּעט. א, ווי אַ וואולקאַן. 2. אויסגעהאַקט,

אויסגעשלאָגן. „...אויסגעריסענע זײַטן,
אויסגעבראָכענע פּיס, אויסגעפּליקטע האָר...,,
ממוס, ,בישיבֿה של מטה'. 3. (זעצערײַ)
וואָס איז אויסגעשטעלט אין אַ פֿאָרעם, גרייט
צום דרוקן. א'ע זײַטן. 4. (שנײַדערײַ)
וואָס איז פֿאַרבויגן, געמאַכט פֿון דעם
זעלביקן שטאָף. א'ער קאָלנער. 5.
אויסגעמייקעט (איידעלערער אויסדרוק). דאָס
אויסגעבראָכענע = מייקעכץ.
אויס(גע)בראַקירט — אַדי, פּאַר
אויסבראַקירן ←. 1 ׀ אָפּגעוואָרפֿן, דערקלערט אַז עס טויג
ניט. א'ע סחורה. 2. ניט אָנגענומען אין
מיליטער. מיר איז גוט, איך בין אַן א'ער.
אויסגעברוגזט — [...ברויגעזט] אַדי, פּאָר
אויסברוגזן ←. שטאַרק אָדער אַ לענגערע
צײַט אָנגעברוגזט. אַן א'ער און אויפֿגערעגטער,
ווייסט ער ניט ווי זיך איבערצובעטן. א'ע
מחותּנים.
אויסגעברוגזטערהייט ־ אַדוו. אין מצבֿ פֿון
זײַן אויסגעברוגזט. זיך אָפּרוקן אין אַ
ווינקעלע א'.
אויסגעברוגזטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעברוגזט. אַ

לאַנגיאָריקע א'.
אויסגעבּרודיקט — אַדי, פּאַר
אויסבּרודיקן ←. פֿאַרשמוציקט, פֿאַרפּאַטשקעט. א'ע פּנים.
לעך פֿון קינדער.
אויסגעבּרודיקטערהייט — אדוו. ווען עס איז שוין אויסגעבּרודיקט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבּרודיקט. אַרײַנקומען פֿון שפּילן זיך א'.
אויסגעבּרוקירט — אַדי, פּאָר אויסבּרוקירן ←. אויסגעפֿלאַסטערט, אויסגעלייגט מיט שטיינער. א'ע גאַסן.
אויסגעבּרידערט — אַדי, פּאַר אויסבּרידערן ←. געוואָרן ווי בּרידער. א'ע אין דעם זעלבּיקן קאַמף.
אויסגעבּרידערטקייט — די (דאָס). מצ נבּ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

אויסאויסגעגאָסן

געבּרידערט. „ניט די אַבּסטראַקטע בּרודערשאַפֿט פֿון דעם לאָזונג, נאָר די לעבּעדיקע און ממשותדיקע א, אין דער געזעלשאַפֿט....„.
אויסגעבּריט — אַדי, פּאַר אויסבּריִען ←.

1. אויסגעשווענקט מיט קאָכעדיק וואַסער. א'ע כּלים. 2. אויסגעזעסן פֿון אַן עוף; אויסגעוואַרעמט (פֿון דער זון, אין אַן אינקובאַטאָר); פֿריש אַרויס פֿון איי, אָקערשט פֿאַרטיק געוואָרן. א'ע חזנים אויף ימים־נוראים. „די א'ע שטערן לײַכטן איבער שטראַליקע מנורה־ביימער“, לאַפּין, פֿולער קרוג. 3 זייער הייס, דושנע. “אין די א'ע שבתים...“, פּערלע, גילדענע פּאַווע. 4. אויפֿגעקאָכט. א'ע מילך.

אויסגעבּרייט — אַדי, פּאַר פֿון אויסבּרייטן I, II ←. אויסגעשפּרייט, פֿונאַנדערגעשפּרייט. אַרכ. מלל פֿאַרטײַטשט: 'ויהי לגפֿן סרחת, (יחזקאל, יז, 6): „אויש גיבּרייטי“ [תּי: אויסגעשפּרייט]. „דער גערשטן איז א, אין דער וועלט“, ממוס, פּרק שירה.

אויסגעבּרייטערט — אַדי, פּאַר אויסבּרייטערן. וואָס איז געוואָרן בּרייט(ער). א'ע פּראָגראַם פֿון טעטיקייטן.

אויסגעבּרייטערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעבּרייטערט. די א, פֿון די השׂגות.

אויסגעבּרענגט — אַדי, פּאַר אויסבּרענגען ←. פּד. דזוו אויסגעבּראַכט.

אויסגעבּרענט — אַדי, פּאַר אויסבּרענען ←.

1 פֿאַרצערט דורך ברענען. א'ע קוילן.

.

,,האָט זיך געגרויט דער דינער אַש פֿון מײַנע
א'ע יאָרן‘‘, לאַפּין, צייכנס. 2. געמאַכט דורך
ברענען. א'ער צייכן; א'ע לאָקן.
אויסגעגאַזט — אַדי, פּאַר אויסגאַזן.
אויסגעסמט מיט גאַז. שארית הפּליטה פֿון א'ן פֿאָלק.
אויסגעגאָלט —. אַדי, פּאַר אויסגאָלן ←. אַן
א, פּנים; א'ע מאָרדע.
אויסגעגאָלטן — אדי, פּאַר פֿון אויסגילטן ←.
אויסגעגאַנגען — אַדי, פּאַר אויסגיין. אויך:
~געגאַנען. ← אויסגיין, אוטוו; אויסגיין,
אקוזוו. א'ע כוחות; א, ליכטל; א'ע קלאַסן.
‘‘מענער ציִען זיך צו איר...פֿון רייץ פֿון טרויער
אירן א'ע,,, אַל , 'די מאַדאָנאַ'.
אויסגעגאָסן — אַדי, פּאַר אויסגיסן ←. ~
געגאָסענער. 1. (אויס)פֿאַרשפּרייט;
איבערגעצויגן. ,,...איז אויף מיר א, אַ צאָרן‘‘, ממוס,
קליאַטשע. ,,אַ באַזונדער כישוף איז געווען
א, אויף אַלע [מעשׂיות],,, שע, פֿונעם יאַריד.

„דער שמייכל פֿון ליכט־בּענטשן איז שוין
געווען א, אויף איר פּנים“, אר, 'די
קליאַטשע'. אַ חן און אַ צער, אַ נחת אע ל י ג ן
א, (אויפֿן מענטשן, אויפֿן פּנים). „אויף זייער
פּנים איז א אַ ווילדע הנאה„, פּרץ, 'דער

’

משׂכּיל'. „אויף זײַן קלוגן פּנים ליגט א, דער
'שבֿת וינפּש“, סמבּ. „אַ שטרענגשאַפֿט ליגט
דאָרט [אין די אַלטע הײַזער] א', אַ שטאָלץ
פֿון ד□רות„, סעג, 'רעגינאַ'. 2.
אויסגעשפּרייט; צעגאָסן. „שטיל, רואיק ליגט ווײַט
און בּרייט א, דער ים“, פּרץ, 'נסים אויפֿן ים'.
3. אויסגעשטאַלטיקט, אויסגעפֿורעמט,
אויסגעשניצט; אַרײַנגעגאָסן אין אַ שיינעם
פֿורעם. „דאָס בּילד־שיינע געשטאַלט...אינגאַנצן אַ
קלאָר־ווײַסע א'ע סטאַטוע“, ממוס, ווינטשפֿ.

אויסגעאַרבּט

„אויף דער עלטער האָט ער...זיסע ווערטלעך,
א'ע רייד„, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.
אַ קלייד (מלבּוש, גאַרניטער) ל י ג ט ו ו י
א, = פּאַסט זייער גוט צו דער פֿיגור. „וואו
האָט זי זיך אויסגעלערנט...אַזוי אָנטון זיך

ס'זאָל אויף איר זײַן ווי א'?", שע, טביה. „עס
ליגט ווי א, איטלעכס פּיצעלע באַזונדער", ר,
מרדכילע, 'נאָטקע קאַפּאָטקע'. 4. (שנײַדערײַ)
אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו דער פֿיגור. אַן א'ער
מלבוש. „דער חתן, אַ פֿראַנט אין אַ...פֿראַק
א,", ארז, קמ, 39 1870, No.
אויסגעגאַרבט — אַדי, פּאַר אויסגאַרבן ←.
1. אויסגעבונדן אין גאַרבן. א'ע תּבֿואה.
2. אויסגעאַרבעט (וועגן פֿעל). א'ע פֿעלן.
אויסגעגאַרבטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין אויסגעגאַרבט (וועגן פֿע▯). „
פֿאַרקויף די פֿעלן א', וועט עס דיר בעסער
לוינען".
אויסגעגולמט — [...גוילעמט] אַדי, פּאַר
אויסגולמען. וואָס איז געוואָרן ווי בײַ אַ גולם. א'ע
אויגן = וואָס קוקן אָנגעשטרענגט און דריקן
אויס אַ ניט־פֿאַרשטיין, אַ חידושן זיך.
אויסגעגזלט — [...גאַזלט] אַדי, פּאַר
אויסגזלע(נע)ן. וואָס מע האָט (אָנגעוואָרן) דורך גזילה.
א, האָב־און־גוטס.
אויסגעגילדט — אַדי, פּאָר אויסגילדן.
באַדעקט מיט גאָלד; געמאַכט עס זאָל אויסזען
ווי גאָלד. „אָט פֿירן קנעכט אַ פֿעטן אָקס...
די הערנער א'", פֿרוג II, 'קרבנות,.

אויסגעגלאָזט — אַדי, פּאַר אויסגלאָזן.
1. וואָס איז מיט אַרײַנגעשטעלט גלאָז. די נאָך ניט־א'ע פֿענצטער. אַן א'ע טיר. 2. וואָס האָט ניט מער קיין גלאָז. „שויבּן אויסגערונען, רעמלעך א'“, פּמ.

אויס(גע)גלאַזירט — אַדי, פּאַר אויסגלאַזירן.

דזוו אויסגעגלייזט, בּ1. „זיי□רע בּרונעמס — אויסגעפֿלאַסטערט...און גוט א'„, טויט שרעקענעס בּייא דעס ערשטן סדר.

אויסגעגלאָטשט, ~געגלאָטשטערהייט — דזוו אויסגעגלאָצט, ~גלאָצטערהייט. „...און די אויגן האָבּן אויסגעגלאָטשטערהייט אין לאָמפּ אַרײַנגעקוקט“, בּערג, נאָך אַלעמען.

אויסגעגלאַנצט — אַדי, פּאַר אויסגלאַנצן ←.
וואָס מע האָט געמאַכט שײַניק, גלאַנציק; וואָס האָט אַ גלאַנץ געטאָן. א'ע שטיוול. א'ע אויגן. א'ע בּאַנאַליטעטן.

אויסגעגלאַנצטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט עס שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעגלאַנצט. א, זעען די שטיוול אויס ווי נײַע.

אויסגעגלאַנצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגלאַנצט. א, פֿון אַ זילבּערנעם שפּיגל.

אויסגעגלאָצט — אדי, פּאַר אויסגלאָצן ←.

בולט אַרויסגעשטעלט; פֿיקסירט אויף איין
פּונקט. „...איז עפּעס פֿאַרדולט...די אויגן
גלעזערנע, א'“, ממוס, קליאַטשע. “
באַלעבאַטים מיט נאַרישע פּנימער, נאַריש־א'ע אויגן“,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „ווער די אויגן
וויל באַהאַלטן און צעגלאָצט זיי גלאַט אַזוי,
ווערן ענלעך אַלע אויגן — א'ע אויגן צוויי“,
הל, ,בײַם ראַנד'.
אויסגעגלאָצטערהייט — אַדוו. אין מצבֿ
פֿון זײַן אויסגעגלאָצט. קוק ניט אַזוי א'.

1 1

אויסגעגלאָקט — אַדי, פּאַר אויסגלאָקן ←.
אויסגעקלונגען. „דאָס א'ע ליד“, פּמ.
אויסגעגלוסט — אַדי, פּאַר אויסגלוסטו ←.
שטאַרק באַגערט; באַהערשט פֿון גלוסטעניש(ן).
א'ער חתן, א'ע שעה.
אויסגעגלוסטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגלוסט. די
הויכע מדרגה פֿון א'.

אויסגעגליט — אַדי, פּאַר אויסגליִען ←.
1. וואָס איז דורכגעבּרענט בּיז צום גליִען.
ריין ווי אַן א'ער אויוון. 2. וואָס איז געמאַכט
מיט אַ גליאיקן איַזן. א'ער צייכן. 3. וואָס
איז געבּראַכט געוואָרן אין מצבֿ פֿון גליִען
(און האַלט נאָך אין גליִען). די פֿונקען פֿון
דעם א'ן איַזן. „ס'וואַקסט אַרויס אַ
צויבּערוועלט פֿון דיכטן פֿון א'ע לאַוואַ־שיכטן“,
יהואָש, 'פּראָלאָג'. 4. וואָס האָט אויפֿגעהערט
גליִען. א'ע קוילן. די גוססע, די א'ע
האָפֿענונג. „...מאַט מיט אַן א, פּנים...מוטלאָזע
הענט פֿון אַ נאָנע“, הל, לידער פֿון גן־עדן.
אויסגעגליטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זיַין) אויסגעגליט.
שמידן אַ מעטאַל א'.
אויסגעגליטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זיַין
אויסגעגליט.
אויסגעגליטשט — אַדי, פּאַר אויסגליטשן
(זיך) ←. 1. געפֿאַלן אויפֿן גליטש; וואָס מע
האָט געפֿירט אויף אַ גליטש אָדער מיט אַ
שליטעלע. הייב זי אויף, די א'ע. א'ע
קינדערלעך מיט רויטע בעקעלעך. 2. דורכגעפֿאַלן;
אונטערגעזינדיקט. אַן א'ע אַפֿערע; אַן א'ער

קומט פֿאַרן ריכטער פֿאַרבּרענטע טלאָ פֿון
. ,,
א'ע נעכט", פּמ, סתּם. ,,א'ע און סאָציאַל־
געטראָפֿענע מענטשן", א. ליס, גק 34.
אויסגעגלייזט — אַדי, פּאַר אויסגלייזן ←.
1. וואָס איז באַדעקט מיט גלאַזור. ,,אויף
די ווענט האָבּן געהאָנגען נישט קיין א'ע
קריגלעך", אָפּאַ, היבּרו. 2. וואָס איז אַזוי
ווי פֿון גלאָז; אומבּאַוועגלעך פֿיקסירט. ,,מיט
א'ע, שטיין געבּליבּענע אויגן האָט ער
געקוקט...און קיינעם ניט באַמערקט", בּערג,
בּ ▯ .ס דניעפּער II.
אויסגעגלײַכט, ~געגליכן — אַדי, פּאַר
אויסגלײַכן. ~געגליכענער. ← אויסגלײַכן
(אַלע בּבּ) און אויסגלײַכן זיך, בּבּ 1 ▯ 4. א'ער
דראָט, א'ער בּאָדן, א'ע פּאָלעס, א, בּעט; א'ע
רעכט אא. ,,איז דען נישט בּײַ אַלע מענטשן
אויסגעגלײַכט דער פֿונק שׂכל וואָס גיט אין
מענטש אַ שײַן?", עט, לידער. *גיין א, = גיין
מיטן קאָפּ אַרויף, זײַן אין אַ גוטער
עקאָנאָמישער לאַגע; זיך פֿילן זיכער; זײַן שטאָלץ.
אויסגעגלײַכטערהייט, ~
גליכענערהייט — אדוו. ווען מע האָט שוין (אָדער
אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעגלײַכט, ־גליכן.

„דער אַלטער איז געבליבן שטיין צוריק א,
און נישט געוואוסט וואָס ווײַטער צו רעדן„,
ווײַט, 'איינער אַ מענטש'.
אויסגעגליכנקייט (~געגלײַכטקייט) —
די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿ ן
זײַן אויסגעגליכן. די א, אין רעכט איז נאָך

אויסגעגעסנקייט

ניט אינגאַנצן דורכגעפֿירט. „[די] ניט־א, פֿון
מיינונג...“, שנ II.
אויסגעגלעט — אַדי, פּאַר אויסגלעטן←.
1. וואָס איז געמאַכט גלאַט, גלײַך. אַן א'ע
בעט. אַן א, בײַכל = אַ דיק בײַכל. „...מיט
אַן א, בײַכל, וו אַ זאַטער בורזשוי“, שע,
י
בלאָנדזענדע שטערן. 2. וואָס איז געוואָרן
גלאַט. „...זײַן ריין ווײַס געזיכט מיט זײַנע
א'ע ווײַסע הענט האָבן געוויזן...“, שע,
'טײַבעלע'. „דעם וואַסערס פּנים איז א„,
ראָלניק, געקליבענע שריפֿטן. 3. וואָס מע האָט
עס געגלעט. א, בעקל. 4. פֿאַרגלעט,
אויסגעגליכן. אַן א'ער סכסוך.
אויסגעגלעטערהייט — אַדוו. ווען עס

איז שוין אויסגעגלעט; אין מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעגלעט. א, זעען די האָר אויס גאָר
אַנדערש.
אויסגעגלעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגלעט. א,
פֿון רייד און פֿאָרמולירונגען.
אויסגעגעבֿן — אַדי, פּאַר אויסגעבֿן ←. ~
געגעבֿענער. 1. פֿאַרניצט, פֿאַרצערט,
אויסגעצאָלט. „דז געלט איז וואַל אויז געבֿן, גוט
יתברך לוז אונז ורייד דר לעבֿן“, מנהגים,
עד/א. „א'ס ליגט ניט מער אין בײַטל„, שוו.
2. אויסגעטיילט. די א'ענע אַמעריקאַנער
קליידער. די א'ענע פּאָרציעס ברויט. 3. חתונה
געמאַכט. „אַן א'ענע טאָכטער איז ווי אַן
אָפּגעשניטן שטיקל ברויט“, שוו. „גם דיא ד, אויז
גיגעבֿני קינדר איר גיטרייאין פֿאטיר אַך נאָך
גאַר ניטיג גיהאט„, גה, 193. „אזו זאַל דיא
מוטר אודר איין אויז געבֿני שוועסטער אַך
דר בייא זיין דז קיין עבֿירה גשיכט„, דרך
הישר לעולם הבא, צד/א. 4. פֿאַרמסרט;
אויסגעזאָגט; איבערגעבֿן אין די הענט פֿון דער
מאַכט. א'ער סוד. א'ע פֿאַרשווערערס.
אויסגעגעבֿענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)

אויסגעגעבן. א, ווערט פֿון סוד אַ ר□ילות.

אויסגעגעלט — אַדי, פּאַר אויסגעלן. 1. געמאַכט (געוואָרן) געל. „אַ מיידלשע פֿרישקייט האָט איצט אַרויסגעשפּילט אויף די א'ע אויגן־ראַנדן“, אַש, תּהילים־ייִד. 2. אויס גרין, אַרײַנגעפּאַסט אין אָרטיקע (אַמעריקאַנער) באַדינגונגען. איר. „איצטיקע אימיגראַנטן קומען שוין אַראָפּ פֿון שיף א'ע“, רייד.

אויסגעגעלטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט אויסגעגעלט. א, זעט עס אויס חלשות.

אויסגעגעלטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגעלט. אַן א, פֿון גאַנצן פּנים.

אויסגעגעסן — אַדי, פּאַר אויסעסן ←. ~ געגעסענער. אויסגעביסן; אויסגעהוילט, אויסגעלעכערט; אויסגעברענט. א'ער פֿוטער. „ער האָט באַשאַפֿן דעם 'עץ הדעת, מיט זויערע עפּל, הוילע ניס און א'ע פּשוטע פֿײַגן“, פּרץ, שטעט און שטעטלעך. „אַ קליין גענדזעלע האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פֿון דער א'ער שאָל פֿון אַן איי“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנ□.

אויסגעגעסנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן

אויסגעגעסן.

אויסגעגעסענערהייט

אויסגעגעסענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעגעסן. א, האָט עס קיין ווערט ניט.
אויסגעגראָבן — אַדי, פּאַר אויסגראָבן ←.
~געגראָבענער. 1. אַרויסגענומען פֿון דער
ערד. א'ע קאַרטאָפֿליעס. א'ע מעטאַלן. 2. וואָס
מ'האָט פֿאַרענדיקט גראָבן. א'ער קבֿר. 3.
אויסגעזוכט פֿון אַ באַהעלטעניש; אַלט־פֿאַרגעסן
און צוריק דערמאָנט. א'ער סוו, א'ע מעשׂיות,
זכרונות. 4. אַרכ. אויסגעקריצט. „גלײַך עש
איז אויש גיגראבן אויף דיא צווייא טאבֿל
פֿון שטיין“ ברכות המזון, אמשט 1723, יז/ב.
מלל פֿאַרטײַטשט: „וכתבֿת קעקע, (ויקראָ, יט,
28): “אויש גיגראבן„ נתי: אויסגעשטאָכן].
„אויף איטלעכן אבֿן־טובֿ איז געווען א, דער
נאָמען פֿון שבֿט„, צור, ויחי.
אויסגעגראַמט — אַדי, פּאַר אויסגראַמען.
וואָס איז געמאַכט מיט אַ גראַם (גראַמען).
א'ע ווינטשעוואַניע, מצבֿה־אויפֿשריפֿט. „...און
גלעקלען אויס...מאָנאָטאָן און באַנג די א'ע

ווייען״, אַל II, 'מײַן קאַראַוואַן'.
אויסגעגראַמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגראַמט.
„אויף מיר ווירקט שלעכט די א, פֿון אַ קלאָגליד״.
אויסגעגרוילט — אַדי, פּאַר אויסגרוילן.
וואָס האָט אין זיך דעם עלעמענט פֿון גרויל.
א'ע מעשׂיות. א, לעבן.
אויסגעגרוילטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגרוילט. די א, פֿון דער גאַנצער תּקופֿה וואָס מיר לעבן דורך.
אויס(גע)גרופּירט — אַדי, פּאַר אויסגרופּירן.
אויס(גע)סאָרטירט, אויסגעטיילט אין גרופּעס. די א'ע לעבן־שטייגערס אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע.
אויס(גע)גרופּירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגרופּירט. די פֿאַלשע א, פֿון אַלע מענטשלעכע איבערלעבונגען.
אויסגעגריבלט — אַדי, פּאַר אויסגריבלען ←.
1. אויסגעלעכלט. די פּאָקן האָבן איבערגעלאָזט אַן א, פּנים. 2. אויסגעחקירהט; אויסגעדרייט מיטן גראָבן פֿינגער. א'ע מאָטיוון

פֿאַרוואָס יענער האָט געטאָן אַזוי און ניט אַנדערש.
אויסגעגריזשעט — אַדי, פּאַר
אויסגריזשען ←. 1. אויסגעגעסן, אויסגעקײַט (מיט שאַרפֿע ציין). א'ע סקאָרינקע. א'ער קעז.
2. צעווייטיקט, אויפֿגעגעסן פֿון קלעמעניש.
אַן א'ער פֿון אָנמעכטיקן צאָרן.
אויסגעגריזשעטערהייט — אַדוו. ווען מען האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעגריזשעט. אַװעקװאַרפֿן אַ בײין א'.
אויסגעגרײַזלט — אַדי, פּאַר
אויסגרײַזלען ←. 1. וואָס איז געמאַכט מיט לאָקן (לעקלעך). א'ע האָר. א'ער קאָפּ. "די מיידלעך טראָגן צוגעקלעפּטע האָר מיט א'ע בוקלעס,,, שע, מאָטל. 2. אויסגעצאַצקעט, אויסגעציקלט.
א'ע אונטערשריפֿט.
אויסגעגרײַזלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגרײַזלט. ד
א, פֿון זײַן סטיל.

אויסגעגרייסט — אַדי, פּאַר אויסגרייסן.
אַרויסגעשטעלט גרעסער ווי נייטיק;
אויסגעלויבט. א'ע מיטלמעסיקייטן.
אויסגעגרייסטערהייט — אַדוו. ווען מען

איז אויסגעגרייסט; אין מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעגרייסט. „,א, איז ער פֿאַרבליבן אַ קליין
מעגטשעלע„..
אויסגעגרילצט — אַדי, פּאַר אויסגרילצן ←.
אַרויסגעבראַכט קוויטשיק, ניט־אָנגענעם פֿאַרן
אויער. א'ע לאָזונגען; א'ע פּראָפּאַגאַנדע.
צעהרגעטע, א'ע מעלאָדיע.
אויסגעגרינט — אַדי, פּאַר אויסגרינען
(זיך) ←. 1. וואָס איז געמאַכט (געוואָרן)
גרין. א'ע לאָנקע. 2. אַמ. וואָס האָט זיך
אַרײַנגעפּאַסט אין אַמעריקאַנער לעבן. „די
גרינע קוזינע איז געוואָרן אַן א'ע גענאָסינע„,
רייד. „דער האַלבֿ־א'ער דזשענטלמען“, שע.
אויסגעגרינטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעגרינט. „ייִדן
וואָס געפֿינען זיך אויף די פֿאַרשידנסטע
שטאַפּלען פֿון א„,, שנ, דערציילערס און
ראָמאַניסטן.
אויסגעדאגהט — [...דײַגעט] אַדי, פּאַר
אויסדאגהן ←. וואָס האָט אַ סך דאגות, זאָרג; וואָס
האָט סימנים פֿון זאָרג. אַן אַלטער א'ער
ייִד. „...דורך אַלע רונצלען פֿון איר
פֿאַרמעטעגלן, א'ן געזיכט“, הר, הרודעס.
אויסגעדאגהטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעדאגהט. "
אומרואיקייט און א, האָבֿן דעם ייִדן ניט
אויסגעפֿעלט".
אויסגעדאַוונט — אַדי, פּאַר אויסדאַוו(ע)־
נען ←. 1. וואָס מען האָט מיט (פֿון) דעם אַ סך
געדאַוונט. „דײַן ליד — אַ נײַער נוסח פֿאַר
אַן א, סידור„, הר פֿאַרנאַכט. „אָ, מײַנע א'ע
,
...הענט", פּמ, קופּע. 2. וואָס מען האָט שוין
אַ סך מאָל געדאַוונט. „...די שוין פֿאַראָנענע
און אַזוי פֿיל מאָל א'ע תּפֿילות", חג. 3.
אָפּגעניצט, אויסגעמאַטערט. „...א'ע פֿערד אויף
דער סטאַנציע", ייִל, משלחת, זשיטאָמיר תּרל"ז.
אויסגעדאַכט — אַדי, פּאַר אויסדאַכטן זיך.
וואָס האָט זיך אויסגעוויזן, זיך
פֿאָרגעשטעלט אין פֿאַנטאַזיע. אַן א'ע וועלט. „ער
האַרט און וואַרט...זיך אָפּגענאַרט — אַן
א'ער אורח!", הר, אין שענסטן טאָג פֿון
האַרבסט. „פֿון אַלע מײַנע אמתע און א'ע
הייכן צו דער טיפֿער נידער זיך געבֿן אַ לאָז",
הל, טרעבלינקע.
אויסגעדאַכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעטראַכטקייט, אָפּדאַכטעניש. א, פֿון שרעק.
אויסגעדאַרט — אַדי, פּאַר אויסדאַרן ←. וואָס

איז געוואָרן דאַר, אויסגעטריקנט, מאָגער. א, ווי אַ שטעקן, שפּאָן, שפּענדל, פֿלאָקן, קינעלע, רוח, האָק(ן). א, ווי אַ פֿאַראַיאָריקער אתרוג, לולבֿ. *א'ע זשמיִע = אויסגעמאָגערט, קרענקלעך. „אויסגעהונגערט און א', שטייט אַמאָל אַ וואָלף", עט, משלים. „דו ביסט שוואַרץ ווי די ערד, א', אויסגעדייווערט,„, ממום, קליאַטשע. „...אַן א„ אויסגעקוואַרט מצווהלע, דין ווי אַ פֿאָדעם", סײמאָן, צווײגן. *דער מוח (קאָפּ, שׂכל) איז אים ניט א, = ער איז כיטרע, פֿאַרשטייט אַן ענין.

אויסגעדזשובעט

אויסגעדאַרט ווערן — פּאַס. בין א', בין געוואָרן א'. ← אויסדאַרן. (פּאַט אָפּטער ווי אַקטיוו)..דער מוח איז אים ניט אויסגעדאַרט געוואָרן ← דפּוו. אָפּט אין קללות: הענט און פֿיס זאָלן דיר א, וו'.

אויסגעדאַרטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעדאַרט. די א, פֿון פּנים. א, און אײַנגעשרומפּנקייט פֿון געדאַנק. „אין מאַטע שאָטנס פֿון אייגענער א, טוליעט זיך ס'נאַקעטע סעדל", אָקרוטני, טמז,

23 ׳ 1953 I.

אויסגעדאַרשט ווערן — פּאַס. ווער א,, בין געוואָרן א'. ווערן צעפּײַניקט פֿון דאָרשט; אומקומען פֿון דאָרשט. ,,זײַן פּראָסט פֿאָלק וועלן ווערן א, איבער דאָרשט, כּלומר, זיי וועלן שטאַרבן איבער דאָרשט", ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבערג 1877. אויך: ~ געדאָרשט.

אויסגעדויער — דער. מצ נב. פֿטמ. דזוו אויסדויער ←. אין פֿרומען א'.

אויסגעדויערט — אַדי, פּאַר אויסדויערן ←. געדויערדיק; אויסגעוואַרט; אויסגעהאַלטן. אַן א, וואַרטן אויף משיחן. ,,ייִדן האָבן אין לאַנגע א'ע דורות זיך געשאַפֿן אַ שפּראַך מיט ערלעכער פּשוטקייט", סעג, מײַנע זיבן יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ.

אויסגעדויערן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־רט אויס, האָט ~געדויערט. ציִען זיך אַ לענגערע צײַט. וויפֿל שעה האָט אויסגעדויערט דער פֿאַרהער? דער ענין וועט מוזן א, נאָך אַ גאַנצן חודש. [פֿטמ'ער ווי אויסדויערן ←; די ביידע ווערבן פֿאַלן צונויף אין דער פֿצ און אַלע פֿאָרמען מיט פּאַר].

אויסג׳דולדיקט — אַדי, פּאַר אויסדולדיקן.

וואָס מע טראָגט איבער מיט געדולד. א'ע
באַליידיקונגען.
אויסגעדולט — אַדי, פּאַר אויסדולן.
אָנגעטומלט; צעטומלט. א'ער קאָפּ, א'ע טעג.
אויסגעדולטקייט — די (דאָס), ־ן.
אָנגעטומלטקייט; צעטומלטקייט. בײַ דער א, פֿון
צוזאַמענפֿאָר.
אויסגעדונגען — אַדי, פּאַר אויסדינגען ←.
~געדונגענער. 1. וואָס מע קריגט, האַנדלט
אויס פֿאַר אַ קלענערן פּרײַז. א'ע סחורה,
א'ער פּרײַז. 2. וואָס אַן אַנדערער האָט
אויסקאָנקורירט מיט געבן העכערן פּרײַז. א'ער
וואַלד, א'ער פּאָדריאַד.
אויסגעדונגענערהייט — אַדוו. ווען מען
האָט שוין אויסגעדונגען דעם פּרײַז. „וואָס
נעמט איר ניט די סחורה א,?“
אויסגעדונערט — אַדי, פּאַר אויסדונערן
(זיך). 1. וואָס האָט אויפֿגעהערט דונערן.
א'ער וואָלקן, א'ער הימל. 2. אַרויסגעזאָגט
(באַפֿוילן) מיט אַ דונערדיקער שטים. א'ער
באַפֿעל, א'ע קאָמאַנדע, א'ע ווערטער.
אויסגעדורעט — אַדי, פּאַר אויסדורען (זיך).

פֿאַרנאַרישט; צעטומלט. א'ער קאָפּ, א'ער יאָלד.

אויסגעדזשובעט — אַדי, פּאַר אויסדזשובען ←. „און ער האָט נאָך געטראָפֿן די זעלבע אַלטע...א'ע סטריקאָלעס (פּלויט־שטאַכעטן)„, טמז, 4 ▯1961 I.

אויסגעדייווערט

אויסגעדייווערט — אַדי, פּאַר אויסדבֿרן, אויסדייווערן. אויך: ~געדעווערט,~ געדיווערט (אוקר). אויסגעדאַרט, אויסגעצערט. „ייִדעלעך...דאַרע, קוואַרע, א'ע, פֿאַרחושכטע, פֿאַרפֿינצטערטע„, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „הונגעריקע, אָרעמינקע מענטשן, אויסגעדאַרט, א, — הויט און ביין“, ממוס, 'די אַנטדעקונג פֿון וואָלין'. [אַ באַליבט וואָרט פֿון ממוס: „מײַן א'ע קליאַטשע„, „אין זייער דאַרן, א'ן גוף“, „א', אָן אַ לויט פֿלייש“, „אַ העלדזעלע אַן א'ע„ אאַ; בײַ שע: אויסגעדיווערט. „און דאָס פּנים געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיווערט, הויט און ביינער„, 'דאָס טעפּל']. קללה: א, זאָל ער ווערן! „אײַנגעדאַרט און א, זאָל זי ווערן, ליבער גאָט!“, שע, מנחס־מענדל.

אויסגעדײַטשט — אַדי, פּאַר אויסדײַטשן זיך. וואָס איז אָנגעטאָן נײַמאָדיש, ווי אַ דײַטש; וואָס פֿירט זיך ניט אויף על־פּי טראַדיציע. „צו קידוש קומען אַלע קינדער, איידעמלעך, שניר א'ע — און באַלד נאָך קידוש צעלויפֿן זיך אַלע“, מוק, אויסלאַנד.

אויסגעדײַען — אוטוו. געדײַ(ע) אויס, ~ געדײַעט. פֿטמ. דזוו געדײַען, געראָטן; גוט אויסוואַקסן; גוט און געזונט זיך אַנטוויקלען. זאָלן די קינדערלעך א.. דאָס פֿעלד (די תּבֿואה) וועט הײַ־יאָר א, בעסער ווי פֿאַראַיאָרן. זאָלסט א, אויף נחת פֿאַר דײַן באָבען.

אויסגעדיכטעט — אַדי, פּאַר אויסדיכטן ←. דטשמ. „סאַראַ פֿאַרגלײַך איז — גיהנום א'ער פֿון דאַנטע מיט העליש פֿײַער וועלכער פֿרעסט מײַן קנאָכן און געביין“, בראָד, אויסגעקליבענע שריפֿטן.

אויסגעדיליעט ווערן — פּאַס. ווער א', בין א, געוואָרן. ווערן אויסגעריבן, אָפּגעניצט. „די מאַשין ווערט א, ווײַל זי ווערט ניט געאײַלט“, ראָלניק, זכרונות. א, = אויך: איבערגעדרייט. אַן א'ע מוטערקע קען ניט האַלטן דעם גווינט.

אויסגעדינט 1 — אַדי, פּאַר אויסדינען I.

[לאַנגע יוד אין פּד]. 1. אַלט, טויג ניט, אָפּגעניצט, אויסגעניצט. „אַ הינקעדיקער, אַ גערירטער, אַ הויקערדיקער, א'ער טאַפּטשאַן", ממוס, ווינטשפּ. 2. באַפֿרײַט פֿון מיליטער נאָך דינען אַ צאָל יאָרן. „נאָר ווייניק עלטערן האָבן דערלעבט זייערע קינדער צוריק צו זען א'", יופּאָל, 1881 X 1. „דאָרט שטייען א'ע סאָלדאַטן מיט אַלטע כאָל□אַוועס", ממוס, מסעות. אַן א'ער (זעלנער, אויך: משרת, חזן אאַ).
אויסגעדינט 11 — אַדי, פּאַר אויסדינען II. [קורצע יוד אין פּד]. וואָס מע האָט געמאַכט (איז געוואָרן) דין, דינער. אַן א'ער גוף; א'ער פּאָדעם.
אויסגעדינטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעדינט I.
אויסגעדמיונט — [...די'מיענט] אַדי, פּאַר אויסדמיונען. אויס(גע)פֿאַנטאַזירט, אויסגעמאָלט אין דער פֿאָרשטעלונג. „דער לעצטער א'ער אַרויספֿלי צו דער ווײַטער אומדערגרייכלעכער פֿרײַהייט„, ע)מחה סנה, 1957.
אויסגעדעווערט — דזוו אויסגעדייווערט ←.
אויסגעדעכעט — אַדי, פּאַר אויסדעכען.

שווער אויסגעאָטעמט. „....אַ זאָג געטאָן מיט
אַן א'ן קול“, פּמ, איינס אויף איינס.
אויסגעדענקט — אַדי, פּאַר אויסדענקען ←.
אויסגעפֿונען דורך אַבסטראַקטן דענקען. א'ע
פֿערטע דימענסיע; א'ע נײַע טעאָריע.
אויסגעדענקען — טרוו. געדענק אויס, ~
געדענקט. פֿטמ. דזוו געדענקען, נאָר
עמפֿאַטישער. „איך וועל אים אַזוי אָנלערנען אַז ער
וועט עס א,“.
אויסגעדעקט — אַדי, פּאַר אויסדעקן ←.
באַלייגט, אויסגעלייגט, אויסגעזעצט. א'ער דאַךI
א'ער קאַסטן. “די שטאַטור — אַן עלפֿנבײַן
מיט סאַפּירן א'“, פּרץ, פֿינף מגילות.
אויסגעדעווײַלט — דזוו אויסדערווײַלט ←.
פֿטמ.
אויסגעדערנעיעט — אַדי. (מיטן־גאַליציע).
אויסגעדאַרט. געקומען אַהיים אַן א'ער.
אויסגעדראָטיקט — אַדי. נעאָל. וואָס איז
געמאַכט פֿון דראָט; אַרומגעוויקלט מיט דראָט.
„א'־שטײַפֿע שליפֿן,,, פּמ, סתּס.
אויסגעדראָנירט — אַדי. אויסגעפֿעסטיקט

מיט אַ שווערן וואַל. א'ער וועג = באַשאָטן
מיט זשוויר, שטיינדעלעך און אויסגעגליכן,
איינגעפֿעסטיקט מיט אַ שווערן וואַל. „...צו אַ
ניט לאַנג א'ן וועג, איבער וועלכן עס זיינען
געגאַנגען לאַסטוואָגנס“, פּמ, איינס אויף איינס.
אויסגעדראַפּעט — אַדי, פּאַר אויסדראַפּען←.
אויסגעקראַצט, אויסגעגראַבלט,
אויסגעקאַלופּעט. אַן א, פּנים.
אויסגעדראָשן — אַדי, פּאַר אויסדרעשן.
~געדראָשענער. 1. אויסגעקלאַפּט פֿון
קערנער. „די גרויסע שייערן שטרוי און די הויפֿנס
א'ע תּבֿואה“, בערג, נאָך אַלעמען. 2.
אָפּגעניצט, פֿאַרעלטערט, שטאַרק אויסגעניצט. „מוזן
זיי זאָגן דעם אַלטן, א'ענעם תּירוץ אַז יידן
אַרבעטן נישט“, ספּ, יידישער קאָלאָניסט. א'ער
וויץ, א'ענע טענות ומענות. 3. טריוויאַל,
באַנאַל פֿלאַך. א'ע רייד; א'ענער פּאַרטיי־מגיד.

,

אויסגעדראָשנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיין אויסגעדראָשן
(ספּעצ ב3). די א, פֿון זייערע מיינונגען.
אויסגעדרונגען — אַדי, פּאַר אויסדרינגען←.
1. לאָגיש אָפּגעלערנט על־פּי דעדוקציע. א'ער
אויספֿיר, זאַץ. ל2. 2. אויסגעקוועטשט;

אויסגעדרייט. א'ער ליַילעך. שריַיבן א'ע אַרטיקלען.

אויך: ~געדריוולט. 1. צעשמאָלצן;
אָפּאויסגעדריבּלט — אַדי, פּאַר אויסדריבּלען←.

געטראָגן; צעפּ̄עדעמט; וואָס איז מיט צויטן.
א'ער מאַנטל. „לויט זיַין גרויסער, ניט־א'ער
...בּאָרד האָט מען גליַיך געקאָנט זען...“, חג,
די ישיבֿה. 2. וואָס צעפּ̄אַלט זיך. „ער וואָלט
מיט איר געלט פּ̄אַרצירעוועט זיַין א'ן
געשעפּ̄ט“, אמד, אַלטע מאַד. 3. צענומען דורכן
אַרויסציִען דעם פּ̄אָדעם פּ̄ון דעם וואָס מע
האָט געשטריקט אָדער געהעקלט.
אויסגעדריווערט — אַדי. אוקר. [
צונויפּ̄שמעלץ פּ̄ון אויסגעדריוולט+אויסגעדייווערט].
„אַז זיי זיַינען ניט קיין היגע זעט אַיעדער
האָלאָדריגע: א, ווי אַ שפּין, גאָרניט פּ̄ון דעם
כעלמער מין„, מל, 'ליטווישע מיַיז'.
אויסגעדריי — דער, ־ען. דזוו אויסדריי
(טעכט ביַים לערנען טאַנצן).
אויסגעדרייט — אַדי, פּאַר

אויסדריי

אויסגעדרעקסלט

ען ← בּכּ1, □9, 11. א'ער האַנטעך; א'ער
וואָגן; א'ע שיך; א'ע מעלאָדיע אאַ. זיצן א, מיט
דער פּלייצע. דאָס ליכט איז אויסגעדרייט. “
געמיינע שיך, מיט לאַטעס, אָן אָפּצאַסן און א,,
צעריסן,,, שע, ,איינער פֿון טויזנט'. ,,וואו זשע
איז דער הויכער ,תּנו'...מיט די זיסע שטאַרקע
טרעלן, א, פֿון יונגע העלדזער?“, אר, □אין
קלויז'. ,,הײַזלעך פֿאַרגעסענע, א'ע,
אײַנגעפֿאַלענע...“, נאַד. ,,גייט דײַן טאַטע נאָכן אַקער,
שווער און א'“, איזי כאָדיק, 'בּרויט,.
אויסגעדרייטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעדרייט.
וואָס זיצסטו א'?
אויסגעדרייטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעדרייט. א,
פֿון אַן א□פֿן טראַכטן.
אויסגעדרי□לט — אַדי. דזוו אויסנעדריבּלט,
אויסגעדריוולט. ,,אַ ייִד, אַרומגעוויקלט מיט אַן
א'ער, אויסגעריבּענער פֿאַטשיילע פֿון אַן אשה“,
ממוס, שלמה.
אויסגעדריפּעט — אַדי, פּאַר אויסדריפּען.

פֿאַרבּרודיקט, אויסגעשמוציקט. „שדכנים מיט אָרעמע, א'ע קאַפּאָטעס“, ייִט, טאָג, 1958 III 8.
אויסגעדריקט — אַדי, פֿאַר אויסדריקן ←.
אויסגעקוועטשט; אײַנגעדריקט, אויסגעקריצט; אַרויסגעוויזן, אַרויסגעבּראַכט. א'ער כּעס, א'ע הנאה; א'ער צייכן; א'ער געדאַנק. *ליגן א, = זײַן א,. „די אויגן — זיי דערציילן זײַנע צרות, אויפֿן פּנים ליגט א אַ געבּעט,„ ממוס, שלמה. „אין איטלעכער אומה ליגט א, עפּעס אַ מין אייגענער כאַראַקטער,„ ממום, סגולה. „איבּער דער בּרייט פֿון פֿענצטער איז געווען א, מיט גאָלדענע אותיות...„, אָפּאַ, אָפּגענאַרט זיך'. „די עבֿודה אין התעוררות פֿון תּפֿילה בּאַדאַרף זײַן א, אין ענין שׂכלי“, מאמר חגהסוכּות, נ„י, ת„ש. „זײַאי עז דורך איין טוך, וואול אויז גידריקט“, סור, יט.
אויסגעדריקט ווערן — פּאַס. ווער א', בּין א, געוואָרן. ווערן אָנגעזען, קריגן דרויסןפֿאָרעם. געדאַנקען ווערן א, דורך ווערטער. “דער בּפּועל פֿון לעבּן ווערט א, אין אבֿרי הגוף: ער זעט מיט די אויגן, הערט מיט די אויערן“, מאמר שמיני־עצרת, נ“י, ת„ש.

אויסגעדריקטערהייט — אַדוו. אין מצבֿ
פֿון זײַן אויסגעדריקט. א, קומען די אותיות
אַרויס בולטער.
אויסגעדרך־ארצט — [...דע'רעכע'רעצט] אַדי.
וואָס האָט, ווײַזט אַרויס דרך־ארץ; וואָס איז
דערצויגן מיט דרך־ארץ צו עלטערע. „די
עלטערע קינדער זײַנען שוין
אויסגעשטאַטקעוועט, אויסגעדרך־ארצט; זיי ווייסן אַז וויפֿל
מע גיט — דאַרף זײַן געגנוג“, אר, 'דער קוש,.
אויסגעדרעכעט — אַדי, פּאָר אויסדרעכען
זיך. אוקר. געקומען צו זיך נאָכן אויפֿשטיין
פֿון שלאָף; אינגאַנצן וואַך (אָפּלאָכעריש). „אַן
א'ער האָט ער זיך געכאַפּט טרינקען קוואַס“.
אויסגעדרעקסלט — אַדי, פּאַר
אויסדרעקסלען. אויסגעטאָקט; זאָרגעוודיק
אויסגעאַרבעט; אויסגעפּוצט. שיין ווי אַן א'ע פּאָפּקע.
„די קונציקע א'ע עלפֿנבײן־אַרבעטן פֿון
יאַפּאַן“, יהואָש, אַלי־האַסאַן'. „שטעלט זיך אַוועק
,
לעבן איר אַן א'ער יונגערמאַן,„ פֿ. האַלפּער .
אויסגעדרשנט

אויסגעדרשנט — [...דאַרשנט] אַדי, פּאַר
אויסדרש(ע)נען. אויך: ~געדרשעט. 1.
אויסגעטײַטשט מיט אַ דרש. א'ער פּסוק, מדרש.
2. אַרויסגעבראַכט מיט אַ סך רייד. א'ע טענות.
3. וואָס קען ניט מער, טויג ניט מער צום
דרשענען. א'ער מגיד, רעדנער.
אויסגעהאָגלט — אַדי, פּאַר אויסהאָגלען.
וואָס פֿאַלט ווי האָגל. א'ע קללות.
אויסגעהאָדעוועט — אַדי, פּאַר
אויסהאָדעווען ←. 1. אויסגעפּאַשעט, אויסגעפֿיטערט.
„...דאָס פּסחדיקע שמאַלץ פֿון די א'ע גענדז",
מעצקער פֿאָר, 2 .22 XII 1957. דערצויגן;

אַנטוויקלט. גוט א'ע קינדער.
אויסגעהאָדעוועטערהייט — אַדוו. ווען
מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעהאָדעוועט פֿאַרקויפֿן די גענדזלעך א'.

אויסגעהאַוועט — אַדי, פּאַר אויסהאַוועז.
פֿאַרבראַכט אין האַוועז, שמײַען. א, לעבן, א'ע
יאָרן.
אויסגעהאַוועטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהאַוועט. די
א, פֿון דעם קרעמערשן לעבן.

אויסגעהאַווקעט — אַדי, פּאַר
אויסהאַווקען ←. וואָס מע האָט אַרויסגעזאָגט אַזוי ווי מע וואָלט האַווקען. א'ע טענות, רייד.
אויסגעהאַט — אַדי, פּאַר אויסהאָבן. לר. וואָס מע האָט געהאַט (און מע האָט ניט מער).
א'ע צרות געדענקען זיך. אויך: וואָס מע האָט געהאַט און מע האָט עס נאָך (מער ווי איינס). א'ע קינדער.
אויסגעהאַלטן — אַדי, פּאָר אויסהאַלטן.
~געהאַלטענער. 1. ← אויסהאַלטן בב, 1, 4, 6. א'ע סחורה; א'ער פֿאַרדראָס; א'ע צרות.
2. אונטערגעשטיצט, פֿאַרזאָרגט מיט לעבנסמיטל. די א'ע קינדער. דער א'ער איידעם.
3. קאָנסעקווענט; גראָדליניק, אומקאָמפּראָמיסלעך. א'ע פּרינציפּן; א'ע דאָגמע, טאַקטיק. "לויט דער קבלה פֿון דעם אר„י ז"ל איז די זאַך א, לויט דעם סוד...", תּניא, 22. 4. איבערגעקומען; בייגעשטאַנען; דורכגעגאַנגען. א'ער עקזאַמען, נסיון. 5. (מוזיק) וואָס מע האָט ריכטיק געצויגן (אַ נאָטע אָדער אַ פּאַוזע). א'ע נאָטע, פּאַוזע; א'ער קלאַנג; א'ע טאָנאַציע. „בכלל איז דער ניגון געווען א'", אר, 'דער גימנאַזיסט,*
אויסגעהאַלטנקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהאַלטן. גראָדליניקייט, קאָנסעקווענטקייט. „די וואַלקאַמפּאַניע פֿאָדערט...פּאָליטישע א'“, ימ, נײַס, 1922.

אויסגעהאַלטענערהייט — אַדוו. ווען מען איז (ווערט) אויסגעהאַלטן; אין מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהאַלטן. עס איז לײַכט (שווער) צו לעבן א'.

אויסגעהאָלפֿן 🞎 אַדי, פּאַר אויסהעלפֿן ←.
~געהאָלפֿענער. וואָס איז דער אָביעקט פֿון קריגן הילף. די א'ע אין דער אַרבעט.

אויסגעהאַמערט — אַדי, פּאַר אויסהאַמערן ←. אויסגעקלאַפּט (ווי) מיט אַ האַמער, אויסגעפֿורעמט. „אויף דעם גראַניט זײַן קאָפּ איז א, און זײַן...צוואָה־ליד“, הל, 'באַלאַדע פֿון

דענווער סאַנאַטאָריום'. א'ער סטיל = מיט פּרעציזע ווערטער און געדאַנקען, אויסגעדריקט קורץ און קלאָר.

אויסגעהאַמערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהאַמערט. די א, פֿון זײַנע פֿערזן.

אויסגעהאַנגען — אַדי, פּאַר אויסהענגען ←. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט אויפֿהענגען (מע

זאָל עס זען ווי אַ צירונג). א'ע בילדער.
,,...די שענסטע סוכּה, א, מיט אתרוגים“, פּרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. ,,שלאָפֿן אַלע.
שלאָפֿט דער ווינט. די לבֿנה א'“, מל, 'הינטער

אויסגעהאַנדלט — אַדי, פּאַר אויסהאַנדלען←.
כעלעם'. פּפֿ: ~געהאָנגען.

1. אײַנגעקויפֿט. דעם גבֿירס א'ער איידעם.
2. אויספֿאַרקויפֿט. דער גאַנצער א'ער ראַמש.
אויסגעהאָניקט — אַדי, פּאַר אויסהאָניקן.
נעאָל. אויסגעשמירט מיט האָניק. ,,דו, א'ע,
אויף טורעם־שפּיץ פֿון סדום, מיט לײַב מיט
נאַקעטן, געפּאַסעוועט פֿון שמיץ,,, פּמ, סתּם.
אויסגעהאָפּקעט — אַדי, פּאַר אויסהאָפּקען.
אויסגעטאַנצט, אויסגעשפּרונגען. א'ע פֿרייד;
א'ע חתונה.

אויסגעהאַסט — אַדי, פּאַר אויסהאַפּטן I ←.
אויסגעשטיקט, אויסגענייט. ,,וואָס באַהאַלט זיך
אונטער דער א'ער שׂמלה פֿון אָפּגעטאָקטן
סגנון?“, ימ, נײַס, 1926.

-

אויסגעהאָסט — אַדי, פּאַר אויסהאָפֿן ←.
וואָס מע האָפֿט אויף דעם אַ לענגערע צײַט.
די א'ע גאולה. „אויסגעשפּראָצט די ערשטע
א'ע פֿרוכט„, בראָד, 'באַגײַסטערונג'.
אויסגעהאָפֿטן — אַדי, פּאַר אויסהעפֿטן ←.
~געהאָפֿטענער. דזוו אויסגעהאַפּט. „דער
גאַנצער הימל הענגט אים אויפֿן אַקסל ווי אַן
א'ענע אַבאַיע“, יהואָש, פֿיג: „...פּאַסמעס אָטעם,
א'ענע מיט אירע רייד“, פּמ, דור־אויס,
דוראײַן.
אויסגעהאַקט — אַדי, פּאַר אויסהאַקן ←.
1. אויסגעשלאָגן, אויסגעבראָכן,
אויסגעקלאַפּט. „...בפֿרט נאָך א'ע שויבן,
פֿאַרטרעטענע מיט קישעלעך און זעק“, פּרץ, „וואָס
דאַרף אַ ייִדענע'. „מיך טרייסטן נישט די
טאַנקישע מפּלות [פֿון מערדער], איך וויל זײַן
גוף, די א'ע ציין„, סעג, איצטער. 2. וואָס
איז פֿאַרענדיקט האַקן (מיט עפּעס אַ ציל).
„...ליגט נײַ־טשובין מיט א'ע, ברייטע אַלייען„,
בורשטין, גורל. א'ער וואַלד = געוועזענער
וואַלד וואָס זײַנע ביימער זײַנען א'. „מיר
ווייסן ניט וואָס פֿילן קליינע פֿייגל, ווען א,

געפֿינען זיי דעם וואַלד“, סעג, איצטער.
3. אויסגעהאַמערט, אויסגעפֿורעמט (מיט אַ
האַק אָדער שאַרפֿן מכשיר בכלל). א'ע פֿיגור.
„בײַ מיר אין דער משפּחה איז חלילה קיין
שנײַדער ניטאָ, מיר זײַנען אַ, פֿון גאָלע
רופֿאים“, ייִפֿאָל, 4 .35 1887, No. אויסגערופֿן,
באַפֿוילן מיט שטרענגקייט. קריגן דאָס
זיבניאָריקע קדהת פֿון דעם גענעראַלס א'ע באַפֿעלן.
אויסגעהאַקטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעהאַקט. די שויבן קוקן אַ, ווי אויסגערונענע
אויגן.
אויסגעהאַקטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנאויסגעהוילט

שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהאַקט.
אויסגעפֿורעמטקייט ווי אַ, פֿון שטיין.
אויסגעהאָרבעט — אַדי, פּאַר אויסהאָרבען.
אויסגעהויקערט, אויסגעקרימט. א'ע
געשטאַלטן. „זײַן מאַמע — אַ קלײנינקע, א'ע ייִדענע,,,
אַ. מײַזל, געקליבענע דערציילונגען.
אויסגעהאַרט — אַדי, פּאַר אויסהאַרן.
אויסגעוואַרט. די א'ע שעה. די א'ע דרײַ שטערן.

אויסגעהאַרטעוועט — אַדי, פֿאַר
אויסהאַרטעווען. וואָס מע האָט געמאַכט האַרט(ער). א'ער מעטאַל.
אויסגעהאָרכט — אַדי, פֿאַר אויסהאָרכן ←.
1. אויסגעהערט מיט קאָפּ. א'ע טענה.
2. פֿאַרהערט אין לערנען. א'ע תּלמידים.
3. אויסגעהערט, אונטערגעזוכט (ווי אַ קראַנקער פֿון אַ דאָקטער). א'ער פּאַציענט.
אויסגעהאָרעוועט — אַדי, פֿאַר
אויסהאָרעווען (זיך). ←. אויסגעפּראַצעוועט, אויסגעמאַטערט, אויסגעמוטשעט. „דאָס געלט פֿאַרלוירן, אַליין אויסגעמוטשעט, א', ניטאָ קיין גאַנצער אבֿר,„ ממום, 'בישיבֿה של מטה'. „די בלויע אָדערן אַרום אַן א'ער האַנט“, הר, בלויע פֿלאַמען. א, ווי אַ פֿערד, אייזל, אַלטער פֿערד (אַלטע קליאַטשע), ווי אַן אַלטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. א'ע יאָרן.
אויסגעהאָרעוועטערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעהאָרעוועט. וואָס נעמסטו זיך צו אַן אַרבעט א, ▯
אויסגעהאָרעוועטקייט — די (דאָס). מצבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהאָרעוועט. אויף דער עלטער רופֿט זיך אָפּ

די א, פֿון אַלע פֿריִערדיקע יאָרן.
אויסגעהאַרצט — אַדי, פּאַר 'אויסהאַרצן'.
נעאָל. וואָס האָט ניט מער קיין האַרץ. ,,
פֿאַרשוואַרצט און א, און אויסגעמישט אין זנות
און מיסט'', בראָד, איבערגאַנג.
אויסגעהובלט — אַדי, פּאַר אויסהובלען.
וואָס איז גלאַט געמאַכט מיט אַ הובל; וואָס
איז געוואָרן אויס שאָרסטקע; ראַפֿינירט. א'ע
ברעטער; אַן א'ער שטאָטישער מענטש.
אויסגעהובלטקייט — די (דאָס), ־ן.
גלאַטיקייט; ראַפֿינירטקייט. א, פֿון מאַנירן.
אויסגעהויבן — אַדי, פּאַר אויסהייבן.~
הויבענער. (צום טייל) אויפֿגעהויבן;
אַרויסגענומען; אַרויסבאַקומען; אַרויסגעשטעלט (ווי אַ
וויכטיקן פּונקט). א'ער טיש; א'ע ריייניקייט;
א'ענער ענין.
אויסגעהויכט — אַדי, פּאַר אויסהויכן ←.
אויסגעאָטעמט; אויסגעבלאָזן; געשאַפֿן מיט אַ
הויך. ,,איז כאָטש גלײַכער צו פֿאַלן אונטער
דער לאַסט מיט אַן א'ער נשמה,,, ווײַס, 'פֿון
רבינס שטוב'. ''אָפּווישן פֿון פּנים אַן א'ע
טרער'', מעג, פּאָעמען. ,,א, פֿון קדושה איז
[בוראס] צויבער־שם'', אצג, מ ע פ י ס ט אָ.
,,מיט זונען אין די אויגן מיך צו דער מי

באַגלייט, מיט זונען מיך באַגעגנט   אַ ליכט

אַן א'ן...“, מל, 'מיט זונען'.
אויסגעהוילט — אדי, פּאַר אויסהוילן ←.
אויסגעלעכערט, אויסגעליידיקט; אויסגעגעסן
פֿון אינעווייניק. אַן א'ער עם־האַרץ. “
סוכעזשילעס פֿון לעבער מיט עקן פֿוד הערינג און
גרויסע א'ע מאַרכּביינער,,, ממוס, מסעות. ,,האָב

אויסגעהוילטקייט

איך געמאַכט אַ לאַמטער פֿון אַ גרויסער א'ער
דיניע“, פּרץ, 'קינדער'. ,,און די שטאָט אַליין
איז אויסגעוועבט, אַלט, א, און טויט“, בערג,
אָפּגאַנג. ,,אָ, הירשקע לעקערט...ס'טראָגט אַ
יאָמער זיך פֿון דײַנע א'ע באַקן“, הל, 'l1טער
מײַ, נ״י 1935'. “ס'ריידן א'ע שטימען, ס'קוקן
אויסגעלערטע אַפּלען“, צײַט, 'טויט און תּאווה'.
אויסגעהוילטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהוילט.
,,אַפֿילו אין יאָרצײַטליכט...געפֿינט (ער) אַ
שטיקל טײַטש און טרייסט פֿאַר ייִדישער א'“,
יג, תּוד.
אויסגעהוילקעוועט — אַדי, פּאַר

אויסהוילקעווען ←. אויסגעשניטן, אויסגעהובלט
האַלבּקײַלעכדיק. „אַ פֿילונג מיט א'ע בּרעגעס, אין
וועלכע דער פֿאַניר איז אין די ווינקלען
געפּאַסט אין גערונג“, בּער.

אויסגעהויעט — אַדי, פּאַר אויסהויען. אַרכ,
דטשמ. אויסגעהאַקט פֿון שטיין. „די מצבֿות
פֿון זכריה הנבֿיא און פֿון אבֿשלום זענען א,
אויס דעם פֿעלזן און שטייען צווישן
פֿעלזנוועונט“, קמ, 29 1864, No. „די שטאַרקע
מלאָכים פֿון הימל...זײַנען א, פֿון
פֿלאַמפֿײַער“, יוצר ליו״כ, ב, פּפּמ 90 ,1885.

-

אויסגעהויפֿנט — אַדי. < הויפֿן.
אַרויסגענומען מיט הויפֿנס. א'ע תּבֿואה.

אויסגעהונגערט — אדי, פּאַר אויסהונגערן.
1. וואָס האָט אַ לענגערע צײַט ניט געגעסן;
וואָס איז שטאַרק הונגעריק. „פֿאַר איין אויס
גהינגרטן מענטשן זענין אַלע בּיטרי זאַכן אויך
זיס“, מס, משלי, תּקע״ד, כז, 7. „א, און
אויסגעדאַרט, שטייט אַמאָל אַ וואָלף און האַרט... ,
עט, משלים. 2. וואָס מע מאַכט עס זאָל זײַן
הונגעריק. די בּאַלאַגערטע, די א'ע שטאָט.
3. וואָס מע האָט אַ שטאַרקן בּאַגער צו דעם

(און מע האָט עס ניט). א, נאָך ליבשאַפֿט, נאָך
אַ וואָרט פֿון טרייסט.
אויסגעהונגערטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעהונגערט.
א, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו די עסנס און
איז קראַנק געוואָרן.
אויסגעהונגערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעהונגערט. א, נאָך ברויט און א, נאָך פֿרײַהייט.
„ס'באַליידיקט זייער א, צו פֿאַרברענגען“, אָפּאַ,
'פּעטש'.
אויסגעהוסט — אַדי, פּאַר אויסהוסטן ←.
וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אויסהוסטן אָדער
פֿון כסדרדיקן הוסטן. א'ע פֿלעגמע. “יענער
מענטש מיט...די מאָגערע באַקן, מיט די א'ע
פּלייצעס“, איציק קיפּניס, אונטערוועגנס.
אויסגעהיט(ן) — אדי, פּאָר אויסהיטן ←.
~געהיטענער. וואָס איז גוט אָפּגעהיט,
דערהיט; באַהאַלטן אויף שפּעטער. א'ע ירושה.
*אויסגעהיט(ענ)ער מענטש = גראַטעוועטער;
אָפּגעהיטער פֿאָרזיכטיקער.

,

אויסגעהיט(ן) ווערן — פּאַס. ווער א', בין
א, געוואָרן. ← אויסהיטן. [גאַנץ אָפֿט אין

פּאַסיווער פֿאָרעם, אין ווינטשעוואַניעס, אין
פֿרומער ליטרש]. א, זאָלסטו ווערן פֿון אַלדאָס
בײז פֿאַראַן דרײַ עבֿירות וואָס יעדן טאָג
. ,, — —
ווערט אַ מענטש פֿון זיי נישט אויסגעהיט“,
תּניא, 34.

אויסגעהיט(נ)קייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהיט(ן). א,
פֿון אַלדעם בייזן.
אויסגעהײלט — אדי, פּאַר אויסהײלן ←.
אויסקורירט, געזונט געמאַכט. א'ע
שווינדזוכט. ,,בײַם עפֿענען ד אַלטע פּעקלעך צרות
,

— מכּות נאָך אינגאַנצן נישט א'ע...“, ממוס,
שלמה.
אויסגעהײלטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעהײלט. ,,דער קאָפּ זײַנער בליט ניט מער,
אָבער א, איז ער געבליבן אַ פּאַרך“, רייד.
אויסגעהײלטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהײלט.
,,ס'איז נאָר אַ פּרווו צום היילן, אָבער ווײַט

פֿון א',,.
אויסגעהייליקט — אַדי, פּאַר אויסהייליקן.
וואָס מע האָט (אָדער זיך) געמאַכט הייליק.
א'ער פֿאַר (צו) גאָט. ,,ס'ליגט אַ גאַנצע שטאָט
אַן א'ע פֿאַר טויט,,, מאָל, אָטוואָצק,.
,

▯
אויסגעהייליקטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעהייליקט.
א, פֿון די קרבנות; א, פֿון לעבן, טויט.
אויסגעהייצט — אַדי, פּאַר אויסהייצן ←.
וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט הייצן אָדער
אָנגעהייצט; אָנגעוואַרעמט. ,,...איז געווען א, דער
אויוון צו בּאַקן בּרויט“, לט2, 1/38. א'ער
חדר.
אויסגעהייצטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין אויסגעהייצט. דער אויוון איז
קאַליע, און אַפֿילו א, איז ער ניט גענוג הייס.
אויסגעהילט — אַדי, פּאַר אויסהילן. 1. וואָס
איז אָנגעטאָן, אײַנגעהילט א י ן עפּעס. א,
אין טערקישע שאַלן. 2. וואָס איז

אויסגעטאָן, אָפּגעדעקט. ,,...און דער ייִד וואָס איז
א, פֿון אַלע תּאוות עולם־הזה“, ייִל.

אויסגעהילכט — אַדי, פּאַר אויסהילכן ←.
הויך אַרויסגעבראַכט; וואָס האָט אויפֿגעהערט
הילכן. א'ער מוסר; א'ער באַפֿעל. א'ע רייד
פֿון נבֿיא.

אויסגעהעכערט — אדי, פּאַר אויסהעכערן.
וואָס מע מאַכט העכער אָדער גרעסער. א'ע
פּרײַזן אויף לעבנסמיטל. א'ע טעמפּעראַטור.

אויסגעהענגט — ← אויסגעהאַנגען.

□

אויסגעהעסט — אַדי, פּאַר אויסהעפֿטן. דזוו
אויסגעהאַפֿט, אויסגעהאָפֿטן. ,,איך ליג אין מיטן
דיל אויף א'ע קישנס“, הל.

אויסגעהערט — אדי, פּאַר אויסהערן ←.
וואָס מע הערט מיט קאָפּ, א לענגערע צײַט
אָדער ביזן סוף פֿאַרהערט (אין לערנען) אָדער

□
.

בּ□ אַ משפּט. א'ע עדות. א'ע תּלמידים. א'ע
י

טענות.

אויסגעהרגעט — [...האַ'רגעט] אדי, פּאַר

אויסהרגענען ←. געטייט, אויסגעמאָרדט, אויסגעמערדערט. „צי וואָגלט ניט אַרום מײַן בליק אויך איצט אַרום די א'ע אין מדבר בײַ מריבֿה?“, הל, טרעבלינקע. „ער איז געבליבן איינער אַליין אין אַן א'ער שטאָט“, הל, ,דער וואָלף'.
אויסגעוואָגלט — אַדי, פּאַר אויסוואָגלען ←. אויסגעוואַנדערט, דורכגעוואַנדערט. א'ע און אויסגעפּײַניקטע, זײַנען זיי אָנגעקומען... א'ע ועגן.

אויסגעוואַרט

אויסגעוואויגן — אַדי, פּאַר אויסוועגן II ←. ~געוואויגענער. אײַנגעטיילט (אין חלקים) לויט דער וואָג; אויסגעמאָסטן. א'ע פּאָרציעס ברויט. א'ע ווערטער.
אויסגעוואונעז — אַדי, פּאַר אויסגעווינען ←. ~געוואונענער. וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אויסגעווינען. א, געלט.
אויסגעוואוקס — דער, ־ן. דאָס וואָס איז אויסגעוואַקסן, אַרויסגעקומען אויף אַ געוויקס אָדער קערפּער; גוליע. אַן א, אויפֿן שטערן, אונטערן אויג, אויפֿן קאָפּ אאַזוו.

„טײלן פֿון בוים װאָס זײַנען געשעדיקט
געװאָרן פֿון פֿאַרשײדענע אינסעקטן און האָבן
באַקומען קרענקלעכע אי'ן", װאולאַך,
האַנטביכל פֿאַר לעדער־אַרבעט, 1922.
אויסגעװאָיעט — אַדי, פֿאַר אויסװאָיע(נע)ן
(זיך). װאָס (איז װײטיקדיק און) איז
אויסגעדריקט אין װאָיען (אָדער אין קלאַנגען, ענלעכע
צום װאָיען). א'ער טרויער. „דער װאָלף האָט
מיט זײַן אי'ן האַרצן ניט דערװאַרט זיך אַז
עמעצער זאָל אַרויסגײן אים באַגעגענען", הל,
'דער װאָלף'.
אויסגעװאַכט — אַדי, פֿאַר אויסװאַכן ←.
1. װאָס איז אָן שלאָף. אַן א'ע נאַכט. 2.
אויסגעהיט, פֿאַרהיט. א'ע קינדער.
אויסגעװאַנדערט — אַדי, פֿאַר
אויסװאַנדערן ←. 1. װאָס מען איז דורכגעגאַנגען,
דורכגעפֿאָרן. די א'ע לענדער. 2. עמיגרירט. א'ע
פֿון מזרח־אײראָפּע, זײַנען מיר געקומען אין
אַלע לענדער פֿון מערבֿדיקן האַלבקויל.
אויסגעװאַקסן — אַדי, פֿאַר אויסװאַקסן,
אוטװ ←. ~װאָקסענער. אויך: ~געװאָקסן.
1. װאָס האָט דערגרײכט דעם מאַקסימום אין
װאַקסן; צײַטיק. א'ע קינדער, א'ע תּבֿואה.
"יעדע נײַע היטל...קומט אַרויס לופּטיקער,

א'ענער, כאָטש נעם און מאַך אַ בּרכה איבּער
איר‟, ח. פּעט, צווישן פֿײַערן. 2. וואָס האָט
פּלוצעם זיך בּאַוויזן. זיך בּאַוויזן אַן א'ער
פֿון אונטער דער ערד. 3. וואָס א□ז קליין
געוואָרן (וועגן אַ בּגד: דער טרעגער איז
אויסגעוואַקסן). א, מלבּושל. 4. וואָס איז געוואָרן
מער אין צאָל. די א'ע מחנה. 5.
איבּערגעוואַקסן, וואָס מע האָט ניט געשניטן אָדער
אָפּגעריסן צו דער ריכטיקער צײַט. א□ע ווייץ.
א'ע און האַלבּ־פֿאַרפֿוילטע פֿלוימען. 6. אויס.
געהאָדעוועט. אַן א'ער אויף מאַרציפּאַנעס. „מע
קען ניט זאָגן אַז האָלאָנעשטער ייִדן זאָלן זײַן
אַזוי צעבּאַלעוועט, א, אויף טעאַטער‟, שע,
בּלאָנדזענדע שטערן I. „דו בּיסט דאָך אַ
היימישע, בּײַ אונדז אין שטוב אַן א'ע‟, ממוס,
קליאַטשע. א, אויף דער ענגלישער קולטור.
אויסגעוואַקסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעוואַקסן. וואָס
איז דאָס: א אָדער ניט־דערוואַקסנקייט?

,

אויסגעוואַקסענערהייט — אַדוו. ווען
מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעוואַקסן. א, וועט ער בּעסער פֿאַרשטיין.
אויסגעוואָרגן — אַדי, פּאַר אויסווערגן ←.

~וואָרגענער. דערשטיקט, דערוואָרגן. א'ע הינטעלעך.
אויסגעוואַרט — אדי, פּאַר אויסוואַרטן (זיך) ←. 1. וואָס מע האָט אויף דעם געוואַרט אַ לענגערע צײַט (און זיך דערוואַרט). א'ע

אויסגעוואָרן

ישועה. 2. אָפּגעלייגט אויף צו ספּעקולירן מיטן פּרײַז. א'ע תּבֿואה.
אויסגעוואָרן — אַדי, פּאַר אויסווערן ←.
לד. וואָס איז געוואָרן אויס, איז מער ניט וואָס פֿריִער. „אַן א'ענער בעל־טאַקסע“, ממI ס, קליינמענטשעלע.
אויסגעוואַרעמט — אַדי, פּאַר אויסוואַרעמען ←. וואָס מע האָט וואַרעם געמאַכט; וואָס מע האַלט וואַרעם; וואָס מע היט אָפּ, האַלט טײַער; וואָס מע מאַכט באַקוועם פֿאַר זיך. א'ע היים, דירה. א'ע פֿרײַנד. א'ע פּאָזיציע, שטעל.
„זי וועט טאָן אַ פֿלי אַרויס פֿון דער מאַמעס א'ער נעסט“, דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „די ווײַסע הענט, דאָס נאָך ווײַסערע לײַב האָבן אַן אָטעם געטאָן מיט א, געלעגער“, אָפּאַ, טויזנט דאָלאַר'.

אויסגעוואַרעמטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעוואַרעמט.
דאָס וועט האָבן אַ בעסערן טעם א'.
אויסגעוואַרעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעוואַרעמט.
אויסגעוואָרפֿן — אַדי, פּאַר אויסוואַרפֿן.
~וואָרפֿענער. 1. אויסגעמישט און
אויסגעטיילט (ווען קאָרטן). א'ע קאָרטן = אויך:
געוואָרפֿן כדי פֿאָרויסצוזאָגן וואָס ס'וועט
געשען. "[ז״] האָט געטראַכט וועגן די א'ע קאָרטן.
דרײַ מאָל איז דער מלך שעל אַרויס — אַ
רײַכער ברונעט מיט אַ קאַלט האַרץ", אָפּאַ,
'ציגײַנער,. 2. פֿירגעהאַלטן, אויפֿגעוואָרפֿן.
א'ע מעשׂים. 3. פֿאַרוואָרפֿן. „א'ע שטעט און
שטעטלעך„, איידלסבערג, טמז, 4 XII 1953.
אַ נאָמען: דעך א'ענער מאַטדאָז, וואַרשע 1874.
אויסגעוואָרצלט — אַדי, פּאַר
אויסוואָרצלען ←. 1. אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען.
„אײַנגעשלאָגענע, א'ע, אַוועקגעטראָגענע, גאַנצע
הורבעס ביימער אויסגעריסענע„, אַל II, די
לעצטע'. 2. אויסגעקאָרטשעט, באַפֿרײַט פֿון
וואָרצלען. אַן א, פֿעלד. 3. פֿאַרסרייַבן פֿון
דער היים, ניט אײַנגעפֿעסטיקט; איבערגעריסן

פֿרִיערדיקע בינדונגען. א'ער וואָגלער. א'ע
אַסימילאַנטן.
אויסגעוואָרצלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעוואָרצלט. אַן אומזיכערקייט, אַ פֿרעמדקייט, אַן א'.
אויסגעוואַשן — אַדי, פּאַר אויסוואַשן (זיך).
1. אויסגערייניקט דורך וואַשן. „פֿרײַטיק־
צונאַכט באַקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן
אַנדער פּנים: אויסגעשמירט, א„ ריין אין
איטלעכס ווינקעלע„, ממוס, ווינטשפֿ. “אַ
קלאָרע, א'ענע לבֿנה איז אַפּערגעשוואומען„,
אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. 2.
אויסגעזידלט. ער איז פֿון מיר אַוועק אַן א'ענער, מיט
אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז. *א, פּנים = פּד,
חוצפּהדיק פּנים.
אויסגעוואַשנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעוואַשן. אַ
ציכטיקייט, אַן א', מע קען זיך אַזש שפּיגלען.
אויסגעוואַשענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט עס (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעוואַשן. אַפֿילו א, זעט מען נאָך די פֿלעקן.
אויסגעוויאָנדזלט — אַדי, פּאַר

אויסוויאָנדזלען. אויסגערייכערט. *א'ער הערינג = אויך:

אַן אויסגעדאַרטער מענטש.
אויסגעוויאַנעט — אַדי, פּאַר אויסוויאַנען.
אויסגעוועלקט, פֿאַרטריקנט, וואָס האָט ניט
אין זיך מער קיין פֿרישקייט. א'ע בלעטער,
געדאַנקען, אַלטע לײַט.
אויסגעוויגט — אַדי, פּאַר אויסוויגן ←.
1. אײַנגעשלעפּערט דורכן וויגן;
אויסגעהאָדעוועט מיט צערטלעכקייט. אַן א, קינד. ניט
קיין א'ע, ניט קיין אויסגעכאָוועטע. 2.
געניט, אײַנגעלערנט; וואָס האָט אַ סך
דערפֿאַרונג. „ער וועט זיך ניט דערוועגן צו בעבען...
אַ מיינונג קעגן א'ע שטאַטסמענער„, ייִפֿאָל,
48 1882, No. „די גאַנצע משפּחה זײַנען
למדנים, מופֿלגים, א, אין תּורה„, ש.
סײַמאָן, וואָרצלען.
אויסגעוויזן — אַדי, פּאַר אויסווײַזן (זיך)
←. ~געוויזענער. 1. וואָס מע קען דערזען,
וואָס מע ווײַזט; אַרויסגעשטעלט. אַן א, שטיק
נאַקעט לײַב. 2. וואָס האָט נאָר אַ פּנים ווי
עפּעס. א'ער חטא. א'ע שווערקייטן. 3. באַוויזן
מיט ראַיות, א'ער רעיון. בפֿירוש א'ע טענה.
אויסגעוויטערט — אַדי, פּאַר אויסוויטערו←.
באַווירקט (אויסגעגעסן) פֿון רעגן, ווינטן,
געוויטער. „באַטראַכט אַ שטיקל א'ן גראַניט„, יאַכ.

אויסגעווייטאָגט, ~ווייטיקט — אַדי, פּאַר
אויסווייטיקן. וואָס מע קריגט ווי אַ
רעזולטאַט פֿון ווייטיק(ן). א'ער נחת. א'ע
קענטעניש. „ערגעץ ווײַט איז געבוירן געוואָרן אַן
א'ער געדאַנק“, אַפּאָ, 'יוסף קאַראָ'.
אויסגעווײַטערט — אַדי, פּאַר
אויסווײַטערן ←. וואָס באַקומט ברייטערן, ווײַטערן
פֿאַרנעם, אויסבליק. „זי אַליין האָט שוין דעם
בויך געהאַלטן ווי אַ וויג און מיטן מויל
געשמעקט איר א, לעבן“, פּמ, 'פֿרוכפּערונג און
מערונג'.
אויסגעווײַכט — אַדי, פּאַר אויסווײַכן ←.
אָפּגעקערט אין אַ זײַט; אויסגעמידן,
אויסגעמײַדט. א'ע סכּנה.
אויסגעווײלט — אַדי, פּאַר אויסוויילן ←.
אויסגעקליבן. א'ער פֿאָרשטייער. דאָס א'ע
פֿאָלק = אויסדערוויילטע פֿאָלק, יִדן. „לייז
דײַן פֿאָלק אויס...דאָס א'ע פֿאָלק„, ממוס,
זמירות. „דער מאַן איר א'ער, ער פֿלײַסט פֿאַר
איר זיך מער„, אָר, 'ס'איז דאָ אַ חן'.
אויסגעווײלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעווײלט.
„כ'האַלט ניט פֿון אַזאַ א', ס'איז געווען פֿאַלשע
וואַלן„, רייד.

אויסג. וואָס איז קאַליע (געוואָרן) פֿדן צו פּ
ווײַנט — אַדי, פּאַר אויסווײַנען (זי

.

ווײנען. א'ע אויגן. „איצט זע איך אין דער
פֿינצטערניש: די אויגן דײַנע א, און רויט“, הר,
אונטער די הימלען. 2. אויסגעדריקט דורך
ווײנען; דערגרייכט דורך ווײנען. א'ער צער. א'ע
טובֿה. אַן א, קינד. „מע שטאָפּט זיי ווי א'ע
בן־יחידים“, קמ, 1868 36 ,No. „איר האָט
טרערן נאָך ניט א'ע“, ביאַליק, ,גלוסט זיך
מיר ווײנען'. 3. וואָס מע האָט איבער
דעם אַ סך געווײנט. „אַ צעקנייטשטע,
צעריסענע, א'ע תּחינה“, ב. רעסלער,
אַמעריקאַנער, 1958 1.

אויסגעווייקטערהייט

אויסגעווײנטקייט — די (דאָס). מצ נב.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעווײנט.
„קען מען א, פֿון צער אָנרופֿן פּאָעזיע?“
אויסגעווײַסט — אַדי, פּאַר אויסווײַסן. 1. וואָס
מע האָט געמאַכט ווײַס(ער); אויסעמאַלירט,

אויסגעצינט, אויסגעגלייזט. א'ע שטוב, א'ע
כלים. 2. וואָס די פֿאַרב איז פֿון דעם
אָפּגעריבן. „ער האָט געטאָן אַ מעסט אָפּ דעם
'באָס, פֿון די א'ע שיך־שפּיצן ביז זײַן
פֿאַררוקטן קאַפּעליוש„, דעמבלין, זאַמלביכער II.
אויסגעווײַסטער ייִט — אַדוו. ווען מע
האָט עס שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעווײַסט. די שטוב זעט אויס שענער א'.
אויסגעווייקט — אַדי, פּאַר אויסווייקן ←.
1. דורכגעווייקט, אויסגענעצט, דורכגעזאַפּט
מיט אַ פֿליסיקייט. א, אין שוויס. „צוויי א'ע
ייִדן שלאָגן זיך איבער אַ ראַשקעלע“, ממוס,
פֿישקע. „און אין שול דערבײַ, אין טרערן
א'ע...וואַרטן ייִדן מיט די קינות אויפֿן רבֿ„,
אַל III, 'לוי יצחק באַרדיטשעווער'.
2. געהאַלטן די באַשטימטע צײַט אין
וואַסער [בײַם כשרן פֿלייש: פֿאַרן
אויסזאַלצן געהאַלטן אַ האַלבע שעה איו וואַסער].
דאָס א'ע פֿלייש, די א'ע הון. 3. וואָס
האָט פֿאַרלאָרן דעם טעם פֿון (איבערן)
ווייקן (זיך). „און אַז די קאַרשן זײַנען
שוין גאָר א, און האָבן ניט קיין טעם
— מאַכט מען אַפֿילו אויף די קאַרשו
אַליין אויך שהכל„, ברכות מנחס [קיניגסבערג,

תּרי״ח], פּז/ב. *א'ער הערינג = וואָס מע האָט געהאַלטן אַ לענגערע צײַט אין וואַסער און איז געוואָרן ווייניקער געזאַלצן; אויך: אָפּגעשוואַכטער; אומענערגישער. עפּעס גאָרניט קיין מאַנספּאַרשוין, נאָר אַן א'ער הערינג. „...דער רבֿ, אַ קליין, א, ייִדל...“, שע, דער אתרוג., „אַן א'ער בּחור...וואָס האָט, שטאָלץ אונטערגעשפּאַרט זײַן לאַנגן גאָרגל„, אַר, 'די חבֿרה כּלי־זמר'. „ייִדן וווערן ערנצטער, טרויעריקער און מידער, יונגעלײַטלעך — בלאַסער, א'ער„, ווײַס, אַ שטעטל. *א, פּנים, פּנימל, צורה = בּלאַס, שוואַך, קרענקלעך; פֿאַרפֿרומט [איז אָפּט אין מקווה]. „איר ווילט זיך נאָר אַ יחוס־שידוך, אַ בּחורל מיט אַן א, פּעניצל„, ממוס, פּריזיוו. „שאַרפֿע לומדים, דאַרע, בּלייכע, מיט א'ע פּנימער פֿון שטענדיקן זיצן איבּער דער גמרא“, ממוס, שלמה. „צווישן א'ע בּני־תּורה, אויסגעאיידלטע רבּנישע קינדער איז ער געווען אַ מגושם“, חנ, ישיבֿה. *א'ער חסיד = וואָס גייט כּסדר אין מקווה. „ווײַטער האָבּן זיך א'ע חסידים פֿאַרטיפֿט אין עולמות עליונים“, קמ, 1 1867, No.

4. וואָס קען זייער גוט (אַ געוויס פֿעלד אין וויסן); דורכגענומען (מיט אַ געפֿיל). א, אין

ש״ס און פּוסקים, אין קבלה, אין חסידות.
„א, אין תּורה, אין גדלות, אין עשירות״, פּרץ,
זכרונות. ״אַ ניגון ברענט טאַקע. תּוכו רצוף
אַהבֿה — א, איז ער אין ליבשאַפֿט״, פּרץ. פֿפֿ
א, ווי אַ הערינג, ווי אַ טויטער פֿיש (שליַיען),
ווי אַ געפּגרטער פֿאַרשטונקענער פֿיש; ווי פֿון
,
מקווה, ווי אין שלאַקסרעגן.
אויסגעווייקטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זיַין)
אויסגעווייקט. א, האָט עס קיין טעם ניט.

אויסגעווייקטקייט

אויסגעווייקטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין אויסגעווייקט.
האָט איר אַ השׂגה וועגן זיַין א, אין...
אויסגעוויכנ(י)עט — אַדי, פּאַר
אויסוויכנ(י)ען. אויך: ~געוויכן. אויסגעדרייט,
אויסגעלינקט, אויסגעלונקען. „...קען זיך
רואיק ליגן אין איר צימער מיטן א'ן פֿוס און
זיך פּיעשטשען״, י. בריקס. „אַ פּויער וואָס
האָט אַ נאָמען אין דער גאַנצער געגנט פֿאַר
אַ קענער אין אַריַינשטעלן אויסגעוויכענע

גלידער,,, באַש, ￼טן פֿון גאָרײַ.
אויסגעוויכערט — אַדי, פּאַר אויסוויכערן.
אויסגעשטורעמט; געשאַפֿן פֿון שטורעם. ,,
הוזשען אויף אַרום מײַן טורעם טויזנט ווײַסע
ווינטן־בײַטשן, א, פֿון דעם שטורעם“, הר,
,שוואַרצע קאַראַוואַנען'.
אויסגעווין — דער, ־ען. נעאָל? אַקט פֿון
אויסגעווינען. רעזולטאַט פֿון געווינען, געווינס.
אַן אומגעריכטער א'.
אויסגעווינטיקט — אַדי, פּאַר אויסווינטיקן.
אויסגעבלאָזן מיט ווינט, דורכגענומען פֿון
ווינט(ן). ,,אַליין זיך רײַס אָפּ פֿון קרייץ, מײַן
א, האַרץ,,, פּמ, סתּם.
אויסגעווינטערט — אַדי, פּאַר
אויסווינטערן ←. אויך: אויסגעצערט. ,,אין יעדן א,
בלייך געזיכט,,, בראָד, ,באַגײַסטערונג'.
אויסגעווינס — דאָס (דער), ־ן. רעזולטאַט
פֿון אויסגעווינען, געווינס [איר בײַטעם לגבי
געווינס].
אויסגעווינען — טרוו. געווין אויס, ~
געוואונען. געווינען אַלץ; אויסשפּי￼I.;
אויסנעמען דעם גאַנצן קאָן (באַנק בײַ קאָרטנשפּילן).
א, בײַ עמעצן זײַן לעצטן גראָשן.
אויסגעווינקלט ווערן — פּאַס. ווער א',

איז געוואָרן א.. ווערן אויסגעריסן מיט אַלע
ווינקלשטיינער, אינגאַנצן חרובֿ ווערן. ,,
פֿאַרבּרענט, פֿאַרשׂרפֿעט, א, זאָל נאָר ווערן אַזאַ
שטאָט, רבּש,,ע!,,, ש. בּערנשטיין, ר, יאָכצע דל
גאה, קעשענעוו 1884.
אויסגעוויקלט — אַדי, פּאַר אויסוויקלען
(זיך). 1. אויסגעפּלאָנטערט, אויסגעדרייט.
א'ער קנויל. 2. פֿאַרוויקלט; וואָס האָט אַ
שײַכות צו אַ צאָל זאַכן; פֿאַרשטענדיק,
אויסגעריבּן, דורכגעטריבּן. דער יונג איז אין אַלעם
א'. א, מיט דער חבֿרה.
אויסגעוויקלטערהייט — אַדוו. וואָס מע
האָט שוין (אָדער אין מצ פֿון זײַן)
אויסגעוויקלט. צעשטעלן די סחורה א'. א, וועט מען
עס בּעסער אָנזען.
אויסגעוויקלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעוויקלט.
אַנאַליז וואָס פֿירט צו א, פֿון דער פּראָבּלעם.
אויסגעווירצט — אַדי, פּאַר אויסווירצן.
אויסגעמישט, אויסגעריבּן מיט געווירץ; וואָס
איז געמאַכט, עס זאָל האָבּן שאַרפֿן טעם. א'ע
מאכלים.
אויסגעווירקט — אַדי, פּאַר אויסווירקן ←.
אויסגעפֿירט, אויסגעפּועלט; וואָס איז

רעזולטאַט פֿון ווירקן אויף עפּעס אָדער עמעצן. א'ע חרטה, א'ער באַשלוס.
אויסגעווישט — אַדי, פּאַר אויסווישן ←.
טרוקן געמאַכט; אויסגערייניקט (מיט אַ טיכל). א'ע טרערן. א'ע ברילן.

אויסגעווישטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעווישט. א, אַרײַנשטעלן די גלעזער אין שאַפֿקע.
אויסגעוועבט — אַדי, פּאַר אויסוועבן (זיך) ←. 1. געמאַכט דורך וועבן. א, אויף אַ קאַנווע. „שפּרייטן זיי פֿאַר קיניג שלמהן פֿון אַ מײַל די גרייס אַ טעפּעך, א, פֿון רויטע זײַדן“, יהואָש, ,דזשאַראַדאַ'. „...געלעגן אין האַלבן דרימל ווי אונטער אַ לײַכטן, א'ן שלייער“, ווײַס, אַ וואַלד־מיידל'. 2. אויסגעוועפּט ←. נר.

אַן א'ער אויף דער עלטער. „און די שטאָט אַליין איז א', אַלט, אויסגעהוילט און טויט“, בערג, אָפּגאַנג.
אויסגעוועבטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעוועבט. א, פֿון אַלטקייט. [נר, ← אויסגעוועפּטקייט.]

אויסגעוועזן — אַדי, פּאַר אויסזײַן ←. ~
געוועזענער. וואָס איז געוועזן אין פֿאַרשיידענע
ערטער, בײַ פֿאַרשיידענע מענטשן. אַן א'ער
אויף אַלע ירידים.
אויסגעוועכנעט — דזוו אויסגעוויכנ(י)עט.
אויסגעוועלבט — אַדי, פּאַר אויסוועלבן. וואָס
איז געמאַכט אין פֿאָרעם פֿון אַ געוועלב, אַן
אַרקע. „אַזעלכע א'ע צימערן פּאַסן פֿאַר
מאַדאָנעס„, איזבאַן, אַמעריקאַנער, 1957. „די שורות
א, ווי האַלבע לבֿנות„, אָפּאַ, פּוילישע
וועלדער.
אויסגעוועלטיקן — אוטוו. ־יק אויס, ~
געוועלטיקט. געוועלטיקן, הערשן אין (איבער)
אַ צאָל ערטער, איבער אַ צאָל מענטשן. א,
איבער מדינות. „דער שׂררה האָט
אויסגעוועלטיקט איבער הונדערטער פּויערים“.
אויסגעוועזן — פּאַר אויסזײַן ←. [קען ניט
געניצט וו􏰀רן ווי אַן אַדי.]
אויסגעוועפּט — אַדי, פּאַר אויסוועפּן זיך ←.
1. וואָס האָט פֿאַרלאָרן פֿריִערדיקע (
לכתּחילהדיקע) שטאַרקייט (ריח, טעם). א'ער מעד, ביר.
„עס ווערט געקאָכט און סטעריליזירט...ביז
דער רויער געזונטער טעם איז א'„, נאָד. „א'ע
ריחות, אָפּגעטומפּטע שטימען„, הר, 'אַרום

טײַך'.
2. אָפּגעשוואַכט, וואָס האָט ניט די
פֿריִערדיקע ווירקונג; געמינערט; געעלטערט. א'ע
כּוחות, חלומות. „די ליבשאַפֿט פֿון דער תּורה
איז ניט א, פֿון מײַן האַרצן„, שלמה בּר,
חייםחייקל יאַנאָוּוסקי, ספֿר גפֿן ב זמים, בּיאור על
מגילת שיך השירים, תּרס"א. „דו בּיסט...אין
די זאַכן שוין אַ בּיסל א'", שע, מאַריענבאַד.
„דו האָסט ניט אויסגעשעפּט אַלע ימען מיט
אַ קאַן, אויך דאָס וואָרט ליגט א, וואו די
שיינקייט איז פֿאַראַן„, מל, 'שורות אַכט'. *דער
קאָפּ (דער מאַרך, דער מוח, דער שׂכל) איז
אים ניט א, = פֿאַרשטייט, בּאַנעמט גוט.
אויסגעוועפּט ווערן — פּאַס. נייטראַל.
— בּין א', בּין געוואָרן א, פֿאַרלירן
פֿריִ דפֿוו. .
ערדיקע פֿרישקייט, כּוחות פֿעאיקייטן אע.
,
„אים איז שוין טאַקע צוגעטרעטן דאָס עלטער.
ער איז א, געוואָרן, עפּעס גאָר עובֿר בּטל„,
ממוס, קליינמענטשעלע. „דאָס געפֿיל פֿון כּבֿוד
איז בּײַ אונדז אַזוי ווײַט א, געוואָרן„, ממוס,
סגולה.

אויסגעזאָרגט

אויסגעוועפּטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעוועפּט.
א, האָט עס נאָך רק אַ גוטן ריח.
אויסגעוועפּטקיש — די (דאָ), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעוועפּט. א,
פֿון ריחות פֿון טעם. א, מחמת עלטער.

,

אויסגעוועקס — דאָס, ־ן. 1. דאָס וואָס
וואַקסט אַרויס. תּבֿואה און אַנדערע א'ן.
2. אויסוואוקס אויפֿן קערפּער; געשוויר.
,,ס'האָט זיך באַוויזן אַן א, אויף דער פּלייצע,,.
3. ווילדגראָז אין קאָרן (אין תּבֿואה בכלל).
אויר: אַדי, פּאַר אויסוועקסן.
וועקסל
אויסגע
ט. וואָס איז באַשמירט,
וו סט —

באַדעקט מיט וואַקס. ,,אינעם צימערל זאָל זײַן
בײַ מיר סײַ טומלדיק, סײַ ערנסט־שטיל...און
שויבן זון אויף א'ן דיל,,, מ. אָליצקי. ,,
אָפּגעפּוצטע פּנימלעך מיט אויסגעוועקסלטע

שטיוועלעך“, שע, פֿונעם יאַריד.

אויסגעוווערן — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
געווערט אויס, ~געווערט. פֿטמ. דזוו געווערן
נאָר עמפֿאַטישער; אויסגעדויערן. ווי לאַנג נאָך
וועט א, אַזאַ צרה?

אויסגעווערעמט — אַדי, פּאַר
אויסווערעמען ←. וואָס האָט אין זיך ווערעם;
אויסגעגעסן, דורכגעגעסן פֿון ווערעם. א'ע פּירות.

אויסגעזאָדן — אַדי, פּאַר אויסזידן ←. ~
זאָדענער. אויך: ~געזאָטן. 1. גוט
דורכגעקאָכט אין וואַסער וואָס זידט. אַן א, שטיקל
פֿלייש. “...האָט שוין אַלץ געהאַט צוגעגרייט:
א, פֿלייש, אָפּגעטריקנטע קעזלעך,,, אָפּאַ, 'רחל'.
2. אויפֿגערעגט, רויט אין פּנים. אַן א'ער איז
ער אַוועק פֿון אונדז.

אויסגעזאָדנס — דאָס, (זן ־ן). 1. פֿלייש וואָס
איז אויסגעזאָדן. ער האָט ניט ליבּ קיין א,.
אים גיבּ נאָר געבּראָטנס. 2. געדיכטער בּרײַ;
גאָר געדיכטע זופּ. ,,פֿאַר דעם א, דאַרף מען
ניט קיין לעפֿל, נאָר אַ מעסער“, רייד.
3. פֿעטס, פֿליסיקייט וואָס רינט אַריבּער בּײַם
אויסזידן.

אויסגעזאָטן —־ אַדי. ~זאָטענער. דזוו
אויסגעזאָדן. אויך: סתכI דורכגעקאָכט,

אויסגעקאָכט; איבערגעזאָטן. ,,פֿאַר די אַלע...געסט [צום בן־זכר] שטעלט מען משקה, ניס, א'ע באָבעס און אַרבעס“, ייִפֿאָל, 44 1882, No.

,,דער שרײַט: פֿאַראַכטאָגן איז דער טשאָלנט געוועזן אויסגעבערענט און דער שרײַט: עס איז גאָרניט א,“, מסדר אגרת, תּקפּ,,ה.

אויסז—1. וואָס

~זאלצענער. פּפֿ: ~געזאַל

אויסגעזאַלצן — אַדי, פּאַר אלצן ←.

-

צט.

מע האָט פֿאַרענדיקט זאַלצן. א'ע פֿעלן.

2. געהאַלטן די באַשטימטע צײַט באַזאַלצן [בײַם כשרן פֿלייש — אַ שעה צײַט]. דאָס א'ע פֿלייש באַדאַרף מען אָפּשווענקען.

אויסגעזאַנג — דער, ־ען. געזאַנג וואָס קומט אַרויס מיטאַמאָל, אומגעריכט; געזאַנג וואָס איז גאַנץ, פֿול אין אויסדריקן עפּעס. ,,צי ווילסטו זײַן דער שטערן פֿון דעם שטומען אָדער דער א, פֿון מאָרגן?“, מאָל, 'דער יונגער מזל'.

-

אויסגעזאָסן — אַדי, פּאַר אויסזויפֿן ←. דזוו אויסגעזויפֿט ←.

אויסגעזאָרגט — אַדי, פּאַר אויסזאָרגן ←.

1. שטאַרק פֿאַרזאָרגט, וואָס האָט אַ סך זאָרג. „איר זענט א'; אַז איך וויל — האָב איך אַ סך

אויסגעזאָרגטערהייט

עצות“, ווײַס, קנאה און תּאווה. 2. וואָס האָט ניט קיין זאָרג, איז באַוואָרנט מיט עפּעס. אַן א'ער מ י ט פּרנסה. „זע איך דאָך...מיט אײַך ביידן איז א', אָבער ווי קום איך צו אַרבעטן...“, דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט.
אויסגעזאָרגטערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעזאָרגט. אַרומגיין פֿאַרקרימטערהייט, א'.
אויסגעזאָרגטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזאָרגט. „אַן א, קריצט זיך אײַן אין די קנייטשן פֿון פּנים„.
אויסגעזויגן — אַדי, פּאַר אויסזויגן, ~ זייגן ←. ~געזויגענער. פּפּ: ~געזייגט.
1. וואָס מע האָט אַרויסבאַקומען דורך זייגן. א'ע זאַפֿטן, א'ע מילך. 2. וואָס מע האָט פֿון דעם אַרויסבאַקומען (פֿליסיקייט) דורך זייגן אָדער עפּעס וואָס דערמאָנט אין זייגן. „...א'ע בריסטן וואָס האָבן דעם לעצטן טראָפּן שוין פֿון זיך אַרויסגעגעבן„, אָש, תּהילים־ייִד. „קיין

טראָפּן וואַסער אין די א'טע פּעסלעך,,, ממום,
שלמה. ,,יונג אין יאָרן און אין מידקייט אַלט,
פֿון ווײַבער און פֿון פּראַצע א', קוקט מיט
מויל און אויגן...‘‘, מלה, 'ווינט און
רעגנבײַטש...'. *א, פֿון פֿינגער = אויסגעטראַכט,
ניט מאָטיווירט.
אויסגעזויגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזויגן. אַן
אויסגעמאַטערטקייט, אַן א'.
אויסגעזויערט — אַדי, פּאַר אויסזויערן ←.
וואָס מע האָט עס געמאַכט זויער;
פֿאַרטרויערט. פֿאַרקרימט. אַן א, פּנים, אַן א'ע מינע.

—

אויסגעזויסט — אַדי, פּאַר אויסזויפֿן ←.
1. וואָס מע האָט אויסגעליידיקט דורך זויפֿן,
טרינקען. די א'ע פֿלעשלעך וואַלגערן זיך אויפֿן
דיל. 2 פֿאַרזויפֿט פֿאַרטרונקען, געפּטרט

, .

דורך זויפֿן. א'ע ירושה. א'ע כוחות.
אויסגעזוכט — אדי, פּאַר אויסזוכן ←.
1. געפֿונען נאָך לאַנגן (אָנגעשטרענגטן) זוכן.
א'ער אוצר. 2. אויסגעקליבן פֿון אַ צאָל
ענלעכע זאַכן (מענטשן). א'ער פּאַרפֿום, חתן.
,,א, פֿון אַלע לענדער...בשׂמים טײַערער פֿון

שאַצן‟, יהואָש, 'מלכּת שבֿא'. 3. געגומען נאָכן אויסזוכן. די א'ע זוימען האָט מען פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ ביליקערן מקח. 4. וואָס איז בעסער ווי די נאָרמע; ספּעציעל צוגעקליבן; וואָס איז רעזולטאַט פֿון באַזונדערער באַמיאונג. „ער האָט מיט אַן א'ער פֿאַרבײַגונג זי אײַנגעלאַדן צום טאַנץ„„ איבֿז ימ, טאָניאָ קרעגער, ריגע 1929. „געדעדט אויף אַן א'ן קלאַסישן פּויליש‟, ייִט, פּוילן III.

אויסגעזוכטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזוכט. אַ ציכטיקייט, אַן א, פֿון מאַנירן.

אויסגעזומערט — אַדי, פּאָר אויסזומערן ←. וואָס האָט שוין דורכגעלעבט דעם זומער (די בעסטע צײַט). „איך בין אײַך טיף מקנא מיט אַ ליבשאַפֿטלעכער קנאה אין אַל־מײַן א'ער, פֿאַרהאַרבסטער לידערשאַפֿט„„ הל, 'ליד צו מײַן וואַזאַנע,.

אויסגעזונגען — אַדי, פּאַר אויסזינגען ←. 1. אַרויסגעבראַכט דורך זינגען. אַן א'ער ניגון; פֿאַלש א'ע נאָטן. 2. וואָס ווערט אָפּט (ביז איבערדריסיקייט) געזונגען. נאַרישע, א'ע

פלעטן; אַן א, טעאַטער־לידל. 3. וואָס ווערט בּעסער דורך זינגען אַ סך. געקומען פֿון איטאַליע מיט אַן א'ער שטים. 4. וואָס ווערט ערגער פֿון לאַנגיאָריקן זינגען. אַן אַלטער, א'ער חזן. „אַ קרייען פֿון אַ בּאַקאַנטן האָן, אַן אַלטער חזן מיט אַן א'ער כּלי...אויסלאָזן לאָזט ער אויס מחילה שוואַכלעך„, שע.

אויסגעזונגענקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזונגען. א, פֿון דער שטים. א, פֿון אַ פּאָפּולער לידל.

אויסגעזונדערט — אַדי, פּאַר אויסזונדער →.
אויסגעטיילט, אויס(גע)סאָרטירט. דאָס א'ע פֿאָלק, א'ע פּערל. „אלרלייא ספֿרים מאג זייו וואַש עש וויל קייני אויז גזונדרט„, מאַרשן, לשון זהב, אַמשט 1734.

אויסגעזונדערטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעזונדערט. אײַנפּאַקן די סחורה א'.

אויסגעזונדערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזונדערט. אַ שווערע, אַחריותדיקע א'.

אויסגעזונט — אַדי, פּאַר אויסזונען (זיך).→.
1. וואָס איז אָפּגעבּרענט פֿון דער זון. אַ

געזונט און א, פּנים. 2. באַגאָסן מיט
זונענשײַן. ▯ מענטשן אײַלן איבער די א'ע גאַסן
פֿון תּל אָבֿיבֿ", בערלינסקי, בילדער און

דערציילונגען.
אויסגעזידלט — אַדי, פּאַר אויסזידלען טרוו,
אוטוו. אויך: אַרויסגעשיקט, אַרויסגענומען פֿון
געטאָ און אַוועקגעפֿירט אין נאַצישן
אויסראָט־לאַגער. „...צונויפֿגעזאַמלט ספֿרים און
ביכער פֿון די שטובן נאָך די א'ע ייִדן", י.
בריקס, לאָדזשער געטאָ.
אויסגעזײַערט — אדי, פּאַר אויסזײַערן ←.
א'ע מילך. א'ע קרויט.
אויסגעזילבערט — אַדי, פּאַר אויסזילבערן.
וואָס איז באַדעקט מיט זילבער אָדער זעט אויס
ווי זילבער. „געבליבן שטיין קוקנדיק איבער
דעם א'ן שטיק הימל", ווײַס, 'ווי דער גורל
פֿירט'.
אויסגעזילבערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעזילבערט. די א, פֿון די וואָלקנדלעך.
אויסגעזיפּט — אַדי, פּאָר אויסזיפּן ←.
1. אויסגערייניקט דורך זיפּן. דין א, מעל.

2. וואָס איז פֿאַרבליבן נאָכן אויסזיפּן.
אַרויסוואַרפֿן דאָס א'ע.
אויסגעזיפֿצ(ע)ט — אַדי, פּאַר אויסזיפֿצן←.
אויסגעדריקט דורך זיפֿצן. א'ער צער. דאָס
א'ע קען זײַן שטאַרקער ווי דאָס
אַרויסגערעדטע.
אויסגעזיצן — דזוו אויסגעזעסן ←. פּד.
אויסגעזעגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסגעזעגענען זיך. אַ האַרציק א, מיט
ווינטשעוואַניעס און מיט טרערן.
אויסגעזעגענען זיך — אוטוו. געזעגן זיך
אויס, זיך ~געזעגנט. פֿאַרענדיקן
געזעגענען זיך; אָנווינטשן, געבן די האַנט (
צעקושן זיך בײַם צעשיידן זיך) — מיט אַ צאָל.
א, זיך מיט דער גאַנצער משפּחה.
אויסגעזעס — אדי, פּאַר אויסזיצן אוטוו,
טרוו ←. ~געזעסענער. 1. וואָס איז געזעסן
אַ לענגערע צײַט אָדער אויף פֿאַרשיידענע ער

אויסגעזשירעוועט

טער. „זיצט נאָך אַ ביסל! — אַ דאַנק, איך
בין שוין אַן א'ער. מע דאַרף שוין גיין
אַהייס", רייד. אַן א'ער אין תּפֿיסות. 2. וואָס

מען איז אויף דעם געזעסן (און עס קאַליע געמאַכט). אַן א'ער פֿאָטערשטול. 3. אויסגעוואַרעמט, אויסגעבריט. א'ע הינדעלעך, אייער.

אויסגעזע(ע)ן — אַדי, פּאַר אויסזען ←.

~געזעענער. 1. וואָס מע האָט באַקוקט, באַטראַכט. א'ע בילדער, לענדער אאַזוו. 2. וואָס מע קען זען. „אַנטפּלעקטע און באַהאַלטענע זאַכן...פֿאַרבאָרגענע און אויסגעזעענע זאַכן„, חה, ב, 186. 3. אויסגעקוקט, אויסגעשפּיאָנירט. ← אויסזען, טרוו, ב3.

אויסגעזעצט — אַדי, פּאָר אויסזעצן טרוו, ←. 1. וואָס מע האָט (זיך) אַוועקגעזעצט. די א'ע קינדער. „דאָרט זיצן שורותווײַז א, ייִדענעס מיט מולטערס„, ממוס, מסעות. 2. אויסגעשלאָגן, אויסגעהאַקט. א'ער צאָן. 3. אײַנגעשטעלט (אין אַ סדר); באַשטימט. „ווער עס האָט אַן א, אָרט וואו ער זאָל דאַוונען, ער דאַוונט אַלע מאָל אויף איין אָרט, איז דער גאָט פֿון אַבֿרהם אין זײַן הילף“, איבז, יעבֿ“ץ, עין־יעקבֿ, ברכות, טו/א, וואַרשע תרמ„ו. „ איינער וואָס גייט אַלע טאָג אין שול אַרײַן און האָט אַן א'ע צײַט דערצו, דער וועט אַוודאי ניט פֿאַרזאַמען די באַשטימטע צײַט“, חא, ז/א.

„דערויף איז דאָ א'ע פּרײַזן פֿון קאַזנאַ“,
ייִפּאָל, 41 1882, No. „ס'איז נאָך נישט א, בײַ
אײַך די שעהן, ווען איר קענט אָננעמען און
ווען נישט?“, ווײַס, קנאה און תּאווה. 4.
אַרײַנגעשטעלט, אײַנגעפּאַסט, אויסגעצירט. „אַן
עלפֿנביין מיט סאַפּירן א'“, פּרץ, איבּז שי־־
השירים. 5. דטשמ, אויסגעשטעלט (אין אַ
סכּנה). „בײַ דער הײַנטיקער אָרדענונג שטייט
דער ייִד אויסער דעם געזעץ און איז א, דעם
ווילקיר פֿונעם פֿאָלק“, קמ, 5 1869, No.
6. איבּעריקע בּאַטײַטן ← אויסזעצן. אַן א'ער
אַרטיקל.
אויסגעזעצט ווערן — פּאַס. בּין א', בּין
געוואָרן א'. ← אויסזעצן, ← דפֿוו. אויך:
בּאַשטימט ווערן, נגזר ווערן. „...פֿאַנגט זיך אָן
דאָס גלות וואָס עס איז אונדזער עלטערפֿאָטער
אַבֿרהם א, וואָרן“, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף.
אויסגעזעצטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז, (האָט) שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעזעצט. „א, אין דייען שווײַגן די קינדער
און וואַרטן“. „א, וועט דאָס בּיכל אויסזען
אַנדערש“.
אויסגעזעצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזעצט.

‘‘די א, פֿון די קליינע שטיינדעלעך איז ניט
קיין געראָטענע, מע דאַרף זיי איבֿערזעצן,,.

אויסגעזשאַווערט — אַדי, פּאַר אויסזשאַ□ ווערן ←. אויסגעראָסט, דורך און דורך פֿאַרזשאַווערט. א'ע כּלים. אַן א, שטיק אײַזן.

אויסגעזשאַווערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעזשאַווערט. א, פֿון רייד, טענות.

אויסגעזשירעוועט — אַדי, פּאַר אויסזש□־ רעווען ←. סל. געמאַכט פֿעט, אויסגעשטאָפּט. א'ער פּעמפּיק, ליידיקגייער. א'ע גענדז און

אינאויסגעהוזקט

דיקעס אויך: אַנשטאָט אויסגעזשירירט, ← אַדיסזשירירן.

אויסגעהוזקט — [...כוי'זעקט] אַדי, פּאַר אויסהוזקן ←. אויסגעלאַכט, אָפּגעשפּאָט. אַן א'ער, אַ בּאַליידיקטער, איז ער אַוועק.

אויסגעהולהט — [...כוי'לעט] אַדי, פּאַר אויסהולהן. אויסגעקרענקט, אָפּגעצערט. אַ בּלאַס, א, פּנימל.

אויסגעהושכט — [...כוי'שעכט] אַדי, פּאַר

אויסחושכן ←. אויסגעפֿינצטערט, אָפּגעפֿינצטערט. אַן א, לעבן; א'ע שטאָט.

אויסגעהושכטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעחושכט. א, פֿון אַזאַ מין לעבן.

אויסגעהזירט — [...כאַזערט] אַדי, פּאַר אויסחזירן ←. אויסגעשמירט, אויסגעבֿרודיקט, אײַנגעחזירט. א'ע הענט, מלבֿושים.

אויסגעהזירטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעחזירט. א, פֿון גאַנצן אויסזען.

אויסגעהזרט — [...כאַזערט] אַדי, פּאַר אויסחזרן ←. אויסגעלערנט (גענוג מאָל צו געדענקען). א'ע פֿאָרמולעס, ענטפֿערס. „בֿערקע איז צוגעגאַנגען מיט אַן א'ער בקשה„„ אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

אויסגעהזרטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעחזרט. „די א, פֿון די פֿאָרמולעס האָט ניט געהאָלפֿן, ווײַל ער האָט די אויפֿגאַבֿע ניט פֿאַרשטאַנען“, רייד.

אויסגעהכמהט — [...כאָכמעט] אַדי, פּאַר אויסחכמהן. אויסגעקליגלט; אויסגעטראַכט מיט חכמה, אָפֿט איר. א'ער ענטפֿער.

אויסגעהלבֿט — [כיילעפֿט] אַדי, פֿאַר
אויסחלבֿן ←. אויסגעטריפֿט, אויסגעשמירט מיט
חלבֿ. „דאָס פֿײַער...האָט אַרומגעכאַפּט די שט
נדערס, א'ע — זיי פֿלאַקערן“, פּרץ, 'אויך
אַ קרבן'.
אויסגעהלומט — [...כאָלעמט] אַדי, פֿאַר
אויסחלומען. וואָס מע זעט אין חלום; וואָס
מע שטעלט זיך פֿאָר ווי אַ ציל, אידעאַל;
אויספֿאַנטאַזירט; אויסגעבענקט. אַן א'ע וועלט אַ
נײַע. “מײַן געליבטע, מײַן א'ע פֿרייד...“, מלה,
'רעזומע'. „אָ, א'ער טויער, בלײַב אָפֿן ווי די
טירן פּסח בײַנאַכט“, א. שומיאַטשער, לידער.
אויסגעהלומטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעחלומט. אַ
כּישוף־וועלט פֿון א'ן.
אויסגעהלשט — [...כאַ'לעשט] אַדי, פֿאַר
אויסחלשן. 1. אויסגעמאַטערט, אויסגעהונגערט,
געפּײַניקט פֿון דאָרשט (געפֿילן, לײַדנשאַפֿט).
אַן א'ער קומט ער צו אונדז. אויסשטרעקן
די א'ע הענט. 2. וואָס מע באַגערט זייער
שטאַרק. קריגן דעם א'ן סערטיפֿיקאַט צו פֿאָרן
קיין ארץ־ישׂראל.
אויסגעהלשט ווערן — נייטראַל.
דריטפּערזאָניק. ווערן שוואַך, האַלטן בײַם חלשן; זײַן

שטאַרק הונגעריק. „עס מעג א, וו, די האַרץ
פֿון הונגער, מאַכט עס ניט אויס“, חובֿבֿ, איין
נײַע מעטאָדע ווי גיך קראַנק צו ווערדן, ווילנע
.1881
אויסגעהלשטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעחלשט. א,

ניט נאָר נאָך ברויט, נאָר אויך נאָך אַ גוט
וואָרט.
אויסגעהקירהט — [...כקירעט] אַדי, פֿאַר
אויסחקירהן ←. דערגרייכט, געדרונגען דורך
אַ חקירה, אַבסטראַקטן און קאָמפּליצירטן
אַנאַליז (אָפֿט איר בײַטעם). א'ע ראַיות.
אויסגעהקירהטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אויסגעחקירהט.
א, ברענגט דערצו מע זאָל ניט באַנעמען דעם
פּשט.
אויסגעהקרנט — [...כאַקרענט] אַדי, פֿאַר
אויסחקרנען ←. דערגרייכט דורך חקירה אָדער
דורך זײַן אַ חקרן; אויספֿילאָזאָפֿירט. די
איבערחושימדיקע, די א'ע וועלט.
אויסגעהרשט — [...כיירעשט] אַדי, פֿאַר
אויסחרשן ←. אויסגעפֿונען, אויסגעשמעקט,
דערטאַפּט. אַן א, פֿאַרדינסטל.

אויסגעהשבונט — [...כעזשבנט] אַדי, פּאַר
אויסחשבונען ←. אויסגערעכנט (
מאַטעמאַטיש, קאָמפּליצירט, אַבסטראַקט). א'ע אָרביטע
פֿון אַ שטערן. א'ער ענטפֿער, גאַנג. „
לעבעדיקע, בלוטדאָרשטיקע ציפֿערן, זיי זײַנען שוין
מער ניט קיין א'ע זאַך, קיין אַבסטראַקציע“,
שנ, ה. לייוויק.
אויסגעהשבונטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעחשבונט.
ער טוט עס א'.
אויסגעהשבונטקייט — די (דאָס), ־ .
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעחשבונט.
„מיט א, גייט מען ניט צו דער גאולה“,
זאַקליקאָווסקי, לעצטע נײַעס, 1954 I 15.
אויסגעהתמעט — [...כאַסמעט] אַדי, פּאַר
אויסחתמע(נע)ן ←. אויך: ~התמענט.
אונטערגעשריבן; אויסגעשריבן. א'ע פּאַפּירן.
אויסגעטאָגט — אַדי, פּאַר אויסטאָגן ←.
1. וואָס הייבט אָן טאָגן. „א'ע
געלייטערטקייט„, הל. 2. וואָס הערט אויף זײַן טאָג.
„מיסט פֿון א'ע לענדער פֿון אָפּגעקראָכענע
,
פֿאַרנאַכטן„, פּמ, קופּע.
~ג ו ~געטין). ~געטאָנענער. ־]. וואָס

).

אויסג טאָן — אַדי, פּאַר אויסטאָן ←. אויך:

האָט אַראָפּגענומען די קליידער. „ווייַבער

צעשפּיליעט, נאָר אין די או טערשטע קלייד ר.„ קינדער א, האַלבּ־נאַקעט“, ממוס, ווינטשפֿ. 2. געשטעלט (געוואָרן) בּדלות; אַרויסגעקומען נקי; בּאַגנבֿעט. ער איז פֿון געשעפֿט אַרויס אַן אויסגעטאָנענער. לאָזן א, ווי די מאַמע האָט געהאַט, ווי פֿון (דער מאַמעס) בּויך אַרויס. 3. אָפּגעזונדערט, אָפּגעשיידט, צוריקגעצויגן. *זײַן א, פֿון דער וועלט = ניט האָבּן צו טאָן מיט פּראַקטישע ענינים, געשעפֿט, געוויינטלעכע מענטשלעכע אינטערעסן. „...קומען זיי צו אַזאַ מעלה אַז זיי זענען גאָר א, פֿון דער וועלט און מאָלן זיך אויס גלײַך ווי זיי זענען אין דעם עולם המלאכים“, חה, בּ, 349. „מע זאָל א, זײַן פֿון אַלצדינג דאָ, מבֿטל זײַן אַלע זאַכן וואָס זײַנען נייטיק פּשוט אין לעבּן אַרײַן„, ממוס, שלמה. „ווערטער מונטערע... און אויסגעטאָנענע פֿון אַלטער דאגה„, מאָל, 'פֿון מײַן געבּיין'.

אויסגעטאָ'נענערהייט — אַדוו. ווען מען איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעטאָן.

וועסט זיך צוקילן א'.

אדיסגעטון

אויסגעטאַנצט — אַדי, פאַר אויסטאַנצן (זיך) ←. 1. וואָס מע האָט געטאַנצט ביזן סוף; וואָס מע האָט פאַרענדיקט (ניט צו גוט, הגם אָנגעהויבן פריילעך). אַן א'ער וואַלץ. זײַן א'ע וועלט. 2. וואָס האָט גענוג געטאַנצט. קומען פון אַ באַל אַן א'ער. „זיקנה איז בטבֿע אַן א'ער טאַנץ“, דער לעבעדיקער, טמז, 11 1954 I.

אויסגעטאָנקייט — די (דאָס), ־ן. אויך: ~געטאָנענקייט. אייגנשאַפט אָדער מצבֿ פון זײַן אויסגעטאָן. אָפגעזונדערטקייט, אָפגעשיידטקייט, צוריקגעצויגנקייט. „ביז וועלכער מדרגה די א, פון לעבעדיקן לעבן האָט געקאָנט דערלאַנגען!“, ימ, איינהייטלעכע פאָלקשול. „אויסגעטאָנענקייט פון אייגננוץ“, אאור, פאש, 10 1952 X.

אויסגעטאַפט — אדי, פאַר אויסטאַפן ←. אָנגערירט פון אַלע (פון אַ צאָל) זײַטן; אויסגעפאָרשט, אויסגעפרעגט. א'ע זעמל. א'ער משא־מתן.

אויסגעטאָקט — אַדי, פּאַר אויסטאָקן ←.
1. אויסגעאַרבּעט דורך טאָקן; אויסגעשניצט.
,,א, פֿון העלפֿאַנטבּיין אַ האַלבּער שאַרבּן‘‘,
פֿרוג, I , ,צוויי טאָסטן'. ,,די שטעקעלעך...זענען
א'ע מיט שניצערײַען,,, ראַבּאָי, אייגענע ערד.
שיין ווי א'. 2. געמאַכט שיין, איידל;
אויסגעקינצלט. ,,פֿאַראַן מענטשן וואָס וועלן אײַך
דערציילן אַ מעשׂה טשאַקענדיק, א, און
אויסגעפּוצט, מחיה נפֿשות‘‘, שע, ייִדישע שרײַבער.
,,בײַ דעם שײַן...וואָס בֿאַלײַכט איר
מאַרמאָרא, געשטאַלט,,, דא, שטילע געזאַנגען. ,,חלות
יעדע וואָך אָנגעפּלאָכטן א'ע‘‘, אול, דער באָבּעס
אוצר. אַן א'ער ליגן = שיין צוגעטראַכטער
.
(גרויסער) ליגן.
אויסגעטאָקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטאָקט. א,
און אויסגעקינצלטקייט פֿון סטיל.
אויסגעטאָרליעט — אַדי, פּאַר אויסטאָרליען.
פּד. אויסגעקײַקלט אין בלאָטע, שמוץ. ,,ווען
ער איז שוין געווען א, אויף דער פּאָדלאָגע, ווי
אַ חזיר אין רינשטאָק, האָט מען...,,, בּ.
טייטלבּויס, אויפֿן שוועל.
אויסגעטובֿלט — [...טויוולט] אַדי, פּאַר

אויסטובֿלען ←. אויסגעבאָדן, אויסגעטונקען; וואָס האָט דורכגעפֿירט דעם אַקט פֿון טבֿילה. א,

אין מקווה⌷לטער⌷.יט — אַדוו. ווען מען
— בלומע , א'ע אין טוי.

אויסגעטובֿ

איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעטובֿלט.
ציטערן פֿאַר קעלט א'.

אויסגעטובֿלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסגעטובֿלט. אַן אָפּגעפֿרישטקייט, אַן א'.

אויסגעטוטשעט — אַדי, פּאַר אויסטוטשען←.
אָנגעשטאָפּט, אויסגעפֿילט. „מיט טרפֿות אויסגעפֿילט, א, איז מען מיט קאָלבאַס“, ווײַס, אַ שלעכטע פֿרוי'.

,

אויסגעטומלט —. אַדי, פּאַר אויסטומלען
(זיך) ←. 1. וואָס מע מאַכט פֿול מיט טומל.
א'ע פֿאַרזאַמלונגען. 2. וואָס טומלט ניט מער.
אַן אײַנגעשטילטער, אַן א'ער.

אויסגעטון — דזוו אויסגעטאָן ←. „דער איז גלאַט א, פֿון ייִדישקייט“, קמ, 8 1870, No.

אויסגעטונקען

"אַ זקן און בן־תּורה, אַן 'אויסגעטוּענער'",
פּרץ, ,אויך אַ קרבּן'. ,,די נאַכט...קומט בּאַלד
צו גיין אַן אויסגעטוּענע מיטן לבֿנה־לאַמטערן
אין האַנט", נאַד.
אויסגעטונקען — אַדי, פּאַר אויסטונקען →.
פּפּ: ~געטונקט. 1. אויסגעווייקט,
אַרײַנגעלייגט און אַרויסגענומען (אַ צאָל מאָל)
פֿון אַ פֿליסיקייט. א'ע ריטלעך. 2.
אײַנגעזאַפּט, דורכגענומען. א'ער אין פּײַן. ,,ווערטער
— ניט־געשאַרפֿטע קלעצער, א'ע אין ווייטיק",
הל, ,ליד וועגן מײַנע דרײַ בּרידער'. ער איז
א, אין אַלע טומאות (תּאוות). 3.
אויסגעמישט, אויסגעבּונדן, גוט בּאַהאַוונט. א, אין
דער חבֿרה, אין געשעפֿטן. *קענען א, = זייער
גוט, אינטים. ,,געקענט יעהופּעץ מיט אַלע
בּריקלעך, מיט אַלע אַנטיקלעך א', ווי מע
זאָגט,,, שע, סטעמפּעניו. 4. וואָס מע האָט
דערפֿון די גאַנצע פֿליסיקייט אַרויסגעקראָגן
דורו טונקען. אַן א'ער טינטער.
אויסגעטוקט — אַדי, פּאַר אויסטוקן.
אויסגעטובֿלט; אויסגעטונקען בּ1.
אויסגעטײַטלט — אַדי, פּאַר אויסטײַטלען →.
וואָס איז קלאָר אָנגעוויזן (מיט אַ פֿינגער,

סײַטל); וואָס מע האָט אויף דעם אַ צאָל מאָל געטײַסלט. „און יהי־רצונס זײַנען אַליין א, מיטן פֿינגער און שוואַרץ פֿאַרלאָפֿן פֿון זיבנמאָליקן זאָגן„, מאָל.

אויסגעטײַטשט — אַדי, פּאַר אויסטײַטשן←.

דערקלערט, אינטערפּרעטירט, איבערגעזעצט; וואָס מע האָט צוגעגעבן אַ פּירוש. א'ע ווערטער, פּסוקים, האַרבע שטעלן.

אויסגעטײַטשטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעטײַטשט. ווערסט עס ניט פֿאַרשטיין אַפֿילו א'.

אויסגעטײַטשטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטײַטשט. אַן א, וואָס פֿאַרפֿירט.

אויסגעטיילט — אַדי, פּאַר אויסטיילן.

1. וואָס מע גיט חלקימווײַז אָדער צעטיילט. א'ע פּאָרציעס ברויט. 2. אויסגעזונדערט, אַרויסגעהויבן, אויסגעקליבן. „זאָל עס קנאה זײַן צו אים, דעם א'ן„, אַל III, 'ישׂראל'. „מענטש געגאַרטער, ריינער, גאַנצער, א'ער אין מײַן פֿרייד“, הל, לידער פֿון גן־עדן.

3. וואָס לאָזט זיך גרינג אויסנעמען, אויסטיילן. פֿלוימען, פֿערשקעס מיט א'ע קערן.

אויסגעטיילטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטיילט. א,
פֿון דער גרופּע. „די ייִדישע א, איז ניט קיין
פֿראַגע פֿון דעם אָדער יענעם אויפֿפֿיר פֿון
ייִדן“, מוו, ייִבל, 270 ,)()(I.
אויסגעטיליקט — אַדי, פּאַר אויסטיליקן ←.
אויסגעראָט(ן); פֿאַרטיליקט, אומגעבראַכט.
דאָס א'ע פֿאָלק.
אויסגעטיליקטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטיליקט. פֿאַרבלײַבן אויף
אייביק אין דער א'.

-

אויסגעטיפּט — אַדי, פּאַר אויסטיפֿן ←.
וואָס איז געמאַכט טיף, טיפֿער; פֿאַרטיפֿט.
„אין א'ן, אויסגעלײַטערטן שימערײַ קומען זיי
זיך שטיל צונויף יעדער גרעסטער גאָון פֿון
זײַן פֿאָלק“, קוו, נעראַנגל.

אויסגעטעסעכץ — דאָס (די), ־ן. דאָס
וואָס איז אויסגעטעסעט פֿיגור פֿון האָלץ
.
(שטיין). שטיין ווי אַן א..

אויסגעטראָגן — אַדי, פּאַר אויסטראָגן ←.

~געטראָגענער. 1. וואָס איז געמאַכט באַקוועם דורכן טראָגן. „אָן א'ע פּאָר שיו קוועטשן ניט מער„, שוו. 2. אויסגעשטאַנען, אַריבערגעטראָגן, אויסגעהאַלטן. „א'ע צרות שטיקן ניט מער“, שוו. 3. ציַיטיק, דורכגעטראַכט, דורכגעטראָגן די נייטיקע ציַיט. אַן א, קינד. אַן א'ער געדאַנק. „אַליין ריַיס זיך אַראָפּ פֿון קרייץ...מיַין נאָך ניט א, ליד“, פּמ, סתּם. „זעאונג וועגן פֿולער א'ער רו“ הל, , מאַמע־ערד'.

אויסגעטראָגנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין אויסגעטראָגן. די א, פֿון געדאַנקען.

אויסגעטראָגענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זיַין) אויסגעטראָגן. אָפּגעבן אַ מאַנטל א'.

אויסגעטראָטן — אַדי, פּאַר אויסטרעטן ←.

~געטראָטענער. אויך: ~געטרעטן. 1. געמאַכט גרינגער צו גיין, באַקוועמער דורך טרעטן. א'ענע סטזעשקע. „אויף אַן א'עם וועג וואַקסט ניט קיין גראָז„, שוו. 2. איַינגעשטעלט, איַינגעפֿונדעוועט, אָנגענומען. א'ער וועג, דרך, גאָסטינעץ, שליאַך, גרונט. *גיין אויפֿן (מיטן)

א'עם וועג = ניט זוכן קיין נײַסן, ניט
אָפּווײַכן פֿון אָנגענומענעם. „אַ מתנגד האָט קיין
מאָל קיין ספֿקות ניט, א'ע וועגן!„, פּרץ,
חסידיש. „ווי א, אַלע וועגן!...ווי וואָלסטו וועלן
בלאָנדזשען, פֿרעגן: וואו איז דער וועג צום
נײַעם לאַנד?„, אר, 'דאָס לעבן ציט,. 3.
אָפּגעניצט דורך טרעטן. א'ער טעפּעך. א'ע שיך.
אויסגעטראָטנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטראָטן. די א,
פֿון אַזאַ געדאַנקען־גאַנג.
אויסגעטראַכט — אַדי, פּאַר אויסטראַכטן←.
1. אויסגעפֿונען; וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון
(אויס)טראַכטן. נײַע א'ע מיטלען. „טאַנצן
וכדומה אַזעלכע שמאָכטעלײַען דאָס זענען נאָר
א'ע זאַכן", ממוס, קליאַטשע. „אין אַ פֿינצטערן
אַלקער שטייט מײַן א'ע מאַשין„, סײַמאָן,
צווײַגן. 2. וואָס איז פֿאַראַן נאָר אין
פֿאַנטאַזיע, דמיון, אָבער איז ניט ממשותדיק. „
איבער דעם האָבן זיי פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז
ניט קיין א'ע זאַך", נחבֿ, 'מעשׂה
מבעלתּפֿילה,. „די נישט־שמס קינדער...יאָגן און
פּלאָגן שמס קינדער פֿאַר א'ע זינד", ממוס,
'שם און יפֿת'. „לידער...ניט קיין א'ע ליבעס,
נאָר פֿאַר ייִדן תּפֿילות שטילע„, אַר, ,די

גאָלדענע קייט„.
אויסגעטראַכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטראַכט. די אומנאַטירלעכקייט, די א, פֿון דער סיטואַציע. „שיִער ניט אַ שטיק א', אַן עפּעס־און־עפּעסניטקייט, וואָס הענגט איבער זײַן באַגריף ייִד“, לייבוש לעהרער, ייִבֿל, XXXI, 340.
אויסגעטראַנזשירט — אַדי, פּאַר אויסטראַנזשירן. פּד. אָפּגעניצט, אָפּגעטראָגן, אויסגעריבן. „אין זײַן א'ן פּרינץ־אַלבערט“, אָפּאַ, אונטערוועלט.

אויסגעטרייבערט

אויסגעטראָ(נ)צלט — אַדי, פּאַר אויסטראָ(נ)־צלען ←. אַן א'ע אָוועק צום טאַנץ.
אויסגעטראָפּנט — אַדי. אויך: ~ געטראָפּט. וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין פֿאָרעם פֿון טראָפּנס. „דער בראַנפֿן...אויף די שטערנס אויסגעטראָפּנט, האָט געזעצט אין מוח„ [איבערגעשטעלטער ווערטער־סד], חג, שײַן פֿון פֿאָרלאָךענע שטערן. „שרײַען העכער נאָך די פֿאַליעס — די לויתנס רויטע — א'ע בלוטן פֿון די קדושים־טויטע„, בראָד,

-

אויסגעטראָפּן — אַדי, פּאַר אויסטרעפֿן ←.
~געטראָפֿענער. 1. וואַס מע האָט געפֿונען
דעם ענטפֿער, באַשייד. א'ע רעטענישן. 2. וואָס
איז געשען, האָט פּאַסירט. א'ע אומגליקספֿאַלן.
אויסגעטראָצלט — אַדי, נעאַל. פֿאַרריסן,
גאווהדיק, להכעיסדיק. „...אויף זײַן טראָן, ניט
דעם העצער, דעם א'ן טעווטאָן“, פֿײַנ, נאָט...
פֿון צאָרן.
אויסגעטראַקע(ווע)ט — אַדי, פּאַר
אויסטראַקע(ווע)ן. 1. צעספּוזשעט, צעפּאַלאָשעט
(וועגן פֿערד וואָס ווערן ווילד). 2. צענומען
אין פֿאַרשיידענע זײַטן. „די אויסגעפּוצטע
שטיוועלעך פֿון די א'ע פֿיס פֿאַרוואָרפֿן איינס
איבערן אַנדערן„, ווײַס, 'אַ שלע􏰀טע פֿרוי'.
אויסגעטרוימט — אַדי, פּאַר אויסטרוימען.
(אָפֿט אין פּאָעזיע). אויסגעחלומט. „אָפֿט זע
איך אין דער טיפֿעניש מײַן א'ן פּאָלאַץ„, סעג,
קאַפּריזן.
אויסגעטרוימטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעחלומטקייט. די א, פֿון ניט־דערגרייכלעכע

אידעאַלן.

אויסגעטרויען — טרוו. געטרוי אויס, ~ געטרויט. פּטמ. האָבּן פֿולן צוטרוי, אינגאַנצן געטרויען; אויסטרויען. א, עמעצן דאָס גאַנצע געלט.

אויסגעטרויערט — אַדי, פּאַר אויסטרויערן ←. 1. וואָס האָט דורכגעלעבּט טרויער (אַ לענגערע צײַט). א'ע אַלמנה, אַלמנהשאַפֿט.
2. וואָס מע טרויערט איבּער דעם. א'ע אומגליקן. א'ער מאַן.

אויסגעטרויערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטרויערט. א, איז צעגאָסן איבּערן פּנים.

אויסגעטרונקען — אַדי, פּאַר אויסטרינקען ←. 1. וואָס מע האָט פֿאַרניצט בּײַם טרינקען. א'ער בּראַנפֿן. 2. וואָס מע האָט פֿון דעם געטרונקען בּיזן סוף. א'ער כּוס, בּעכער.

אויסגעטריבּן — אַדי, פּאַר אויסטרײַבּן ←. ~געטריבּענער. 1. אַרויסגעטריבּן. די א'ע פֿון דער שטאָט. 2. אַרומגעיאָגט, פֿאַרמאַטערט. אַן א'ענער, האָט ער זיך צוגעזעצט צו כאַפּן דעם אָטעם. א'ע פֿערד. 3. דורכגעטריבּן, כיטרע. „א'ע לאַקייען, מיט וועמען מע זאָל זיך קענען שאַפֿן„, יק.

אויסגעטרייבערט — אַדי, פּאַר
אויסטרייבערן ←. 1. וואָס מע האָט מנקר געווען, אויסגעשניטן חלבֿ, אָדערן. א'ער אָקס, זאָדיק.
2. אויסגעמאַטערט, אויסגעצויגן די אָדערן (פֿיגוראַטיוו). אַן א'ער פֿון דער שווערער אַרבעט.

אויסגעטרייסט

אויסגעטרייסט — אַדי, פּאַר
אויסטרייסטן פֿאַרגרינגערט, באַרואיקט דורך טרייסטן.
.
א'ע יתומים.
אויסגעטרייסטערהייט — אַדוו. ווען מען איז (אָדער) אין מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטרייסט.
זיו אָפּווישן די טרערן א..
אויסנעטרייסטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעטרייסט.
אַ באַרואיקטקייט, אַן א..
אדיסגעטריפלט — אַדי, פּאַר אויסטריפלען.
אויך: ~געטריפעט, אוקר. דזוו
אויסגעדריבלט, אויסגעדריפלט ←. „ערטערוויַיז אַפֿילו מיאוס אָפּגעבליאַקעוועט, צעהאַקט, צעפֿאַלן, מיט א'ע לעכער„, ממוס, קליינמענטשעלע.

איבערדעקן זיך מיט דעם צעפֿליקטן,
געלגעפֿלעקטן טלית מיט דער אויסגעטריפּעטער
עטרה„„ הר, הרודעס.

אויסגעטריסט — אַדי, פּאַר אויסטריפֿן ←.
1. וואָס איז געמאַכט דורך טריפֿן. א'ע
פֿיגור. 2. וואָס מע ניצט אויס טריפֿנדיק. א'ע
חלשות־טראָפּנס. 3. וואָס איז אויסגערונען
טראָפּנווײַז. „א'ע אייגעלעך, צוויי אָפֿן
געלאָזטע פֿענצטערלעך אין אַן אַלטער חורבֿה“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.
אויסגעטריקנט — אַדי, פּאַר
אויסטריקענען ←. 1. וואָס מע האָט געמאַכט (איז
געוואָרן)
טרוקן. א'ע וועש. „דער שמש הענגט אויף דעם
א'ן, דעם גאַנצן עולמס איינציקן האַנטעך“,
ממוס, שלמה. א, ווי אַ קינעלע, שפּאָן,
שפּענדל. 2. אויסגעדאַרט, אויסגעסאָכניעט; וואָס
האָט ניט קיין זאַפֿט (כּוחות). „קומט באַלד
אַרײַן אַ נײַ לעבן אין זײַנע א'ע ביינער“,
ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „איז געזעסן ווי אַ
פֿרעמדער, מיט א'ע...אויגן“, שע, בלאָנדזענדע

שטערן I. *דער קאָפּ (מאַרך, מוח, שׂכל) איז אים נאָך ניט א, = ער האָט נאָך מאַרך, קען נאָך טראַכטן.

אויסגעטריקנט ווערן — פּאַס. ווער א', א, געוואָרן. 1. פּאַסיוו פֿון אויסטריקענען ←. „זאָל נאָר א, וו, די בלאָטע — וועט קיין שלעכטע באַשעפֿענישן ממילא ניט בלייַבן", ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „דער קאָפּ איז מיר א, געוואָרן, אַז איך פֿאַרשטיי ניט", שע, טבֿיה. „א, ווערט איר האַרץ אין דער קיך בײַם פֿײַער„, אר, 'אין קיך'. 2. נייטראַל פֿאַר.

שווינדן, ניט ווערן, נעלם ווערן, אַוועקקומען אָן אַ צייכן (סימן). „דאָס ייִדל האָט געוואוסט אַז מע מיינט אים, איז ער א, געוואָרן„, קמ, 22 1865, No. „מע זעט ניט קיין פֿוס פֿון פֿריִערדיקע אײַנגייער; באַקאַנטע, גוטע פֿרײַנד, גוט־יום־טובֿ־ביטער זײַנען ווי א, געוואָרן", ממוס, שלמה. "די שפּעגעלאַנטן זײַנען זיך צעלאָפֿן, א, געוואָרן„, שע, מנחס־מענדל. „די ערלים זײַנען א, געוואָרן„, שע, מאָטל.

אויסגעטריקנטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעטריקנט. די קינעלעך ברענען א'.

אויסגעטריקנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט (אָדער מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעטריקנט.
„...האָט שוין קיין כּוח נישט צו רעדן פֿאַר
א, אין גומען“, ווײַס I, ,חייס־אַהרן'.

181

אויסגעטרעטן — אָדי, פּאַר אויסטרעטן ←.
~געטרעטענער. דזוו אויסגעטראָטן. צום בּ1:
“אויף דער גאַס איז געווען דער
פֿאַרהאַרטעווועטער, פֿון פֿריִער א'ער שניי“, ווײַס;I, ,דער
איבּערגאַנג,. „...איז געקומען צו גיין אין
שול אַרײַן אין די זאָקן מיט א'ענע פּיאַטעס,„
שע, אַלט.נײַ כּתרילעזוקע. „צוויי אַלטע
העמדער מיט אַ פּאָר א'ענע זאָקן,„ ממוס, שלמה.
אויסגעטרעטנקייט — דזוו
אויסגעטראָטנקייט ←.
אויסגעטרעמבּעט — אַדי, פּאַר
אויסטרעמבּע(נע)ן ←. 1. גראָבּ. מיט אַן
אַרויסשטאַרצנדיקן בּויך. „אַן א'ער יעקע מיט אַ בּויך פֿול
,
מיט בּיר,„ רייד. 2. וואול. וואָס איז אין די
הויכע מאָנאַטן פֿון שוואַנגערשאַפֿט. די א'ע
ייִדענע.

אויסגעטרענט — אַדי, פאַר אויסטרענען ←.
1. אויסגעריסן (וואָס איז געווען צוגענייט, צוגעסטריגעוועט). א'ער אַרבל. 2. וואול. וואָס מע האָט געהאַט מיט איר סעקסועלן פאַרקער.
אויסגעטרענירט — אַדי, פאַר אויסטרענירן ←. אויסגעמושטירט, אויסגעלערנט אין (מיט) אַ דיסציפּלין. א'ע פוטבאָל־מאַנשאַפט.
אויסגעטרעפקעט — אַדי, פאַר אויסטרעפקען ←. אויסגעריסן, אויסגעריבן, צעטראָגן. „די א'ע ברודיקע אַרבל פון זײַן ווײַסן העמד טאָלעפּען זיך...“, נאַד.
אויסגעטשאָגלט — אַדי, פאַר ' אויסטשאָגלען'. < רוס [אַנשטאָט שטש — טש]. סל. אויסגעפוצט, אויסגעפּראַנטעוועט. „קוק נאָר ווי ער איז א, ווי עפּעס רעכטס. מישטיינס געזאָגט, קראָפּעווע וואַקסט הויך“, יא, ערשטער ייִדישער רעקרוט.
אויסגעטשובעט — אַדי. וואָס האָט אַ טשוב, איז מיט אַ טשוב. א'ע קאָזאַקלעך.
אויסגעטשוכעט — אָדי, פאַר אויסטשוכע(נע)ן ←. געקומען צו זיך נאָכן שלאָפן, אינגאַנצן וואַך; אויסגעניכטערט. אַן א'ער נאָך יאָרן פאַרבלענדעניש.
אויסגעטשוכעטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעטשוכעט. א, נאָך לאַנגן שלאָף. „מע זעט ניט קיין
סימנים פֿון א'‟, פֿרײַע וואָרט, בּ„א, יאַנואַר
19□0.

אויסגעטשערבּעט — אַדי, פּאַר
אויסטשערבּען ←. צעשפּאָלטן, אויסגעהאַקט; וואָס איז
געוואָרן אומגלאַט, שאָרסטיק. אַן א'ע
ליימענע כּלי. „דער כּוס מוז זײַן...גאַנץ, וואָרן
וויבּאַלד עס איז א'...טאָר מען עס ניט ניצן
צום בּענטשן‟, חא, וואַרשע, 1867, לח/בּ.

אויסגעיאָמערט — אַדי, פּאַר אויסיאָמערן←.
אויסגעקלאָגט, אויסגעשריִען, אויסגעוויינט.
א'ער ווייטיק, א'ע עוולות.

אויסגעיוונטער — [...יאָוונטער] דער, ־טע.
אויסגעדינטער אין רוסישער אַרמיי. חתונה
האָבּן מיט אַן אויסגעיוונטן.

אויסגעיוירט — אַדי, פּאָר אויסיוירן ←.
1. געשאַפֿן דורכן פּראָצעס פֿון יוירן,
פֿערמענטירן. א'ער מעד. 2. אויסגעבּרויזט, זיך
אַרויסגעריסן. א'ע כּוחות.

-

אויסגעיום־טובֿט — [...יאָנטעפֿט] אַדי, פּאַר
אויסיום־טובֿן ←. ודאָס מע האָט צוליבּ דעם

אויסגעכאָוועט

(לכּבֿוד דעם) געמאַכט אַ יום־טובֿ, געפֿײַערט. דער א'ער יובֿילײ. "ווי פֿילט איר זיך הײַנט, שוין אַן א'ער, אַן אויסגעלויבּטער?", רייד. אויך: וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט יום־טובֿן.

אויסגעי□דישט — אַדי, פּאַר אויסייִדישן ←. 1. געמלט. א'ע קינדער, זין. 2. געמאַכט פֿאַר מער ייִד, אָנגעזאַפּט מיט מער ייִדישן אינהאַלט. אַן א'ער גר; אַן א'ער קיבּוץ, א'ע שטאָט. 3. בּאַפֿרײַט פֿון ייִדישער השפּעה. אַן א'ע פּראָפֿעסיע, א'ער האַנדל. 4. געמאַכט פֿאַר וויניקער ייִד, אַסימילירט. א'ער דור.

אויסגעי□דישטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסגעייִדישט (ספּעצ בּ4). „און דאָך, ניט געקוקט אויף דער א', בּלײַבּט דאָך די פֿרעמדקייט„, א. גאָלאָמבּ, טאָג, 1958 XI 15.

אויסגעיעט — אַדי, פּאַר אויסיעטן ←.

אויסגעריסן ווילדגראָז, אויסגעפּאָלעוועט. „דער א'ער האַלבּער בּייט האָט אויסגעקוקט ווי אַן אָפּגעשאָרענע שעפּס„, חיים פּעט, אַ הויז אויפֿן פֿעלד.

אויסגעיערט — דזוו אויסגעיוירט ←.
אויסגעכישופֿט — [...קישעפֿט] אַדי, פּאַר
אויסכּישופֿן ←. אַרויסגעבראַכט דורך כּישוף, אויף אַ וואונדערלעכן אופֿן. א'ע קלאַנגען פֿון פֿידעלע.
-
אויסגעכישוסטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעכּישופֿט. א, פֿון דער וואונדער־געשטאַלט.
אויסגעכעסט — [...קאַ'אַסט] אַדי, פּאַר
אויסכּעסן (זיך) ←. אויסגעצאָרנט, אַרײַנגעבראַכט אין אויפֿגערעגטן מצבֿ־רוח. א'ער קעגנער.
אויסגעכעסטערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעכּעסט. אַזוי קען מען זאָגן נאָר א'.
אויסגעכּשרט — [...קאַשערט] אַדי, פּאַר
אויסכּשרן ←. וואָס מע האָט געמאַכט כּשר. א, פֿלייש. א'ע כּלים.
אויסגעכשרטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין אויסגעכּשרט. אונטערלייגן פּאַפּיר און א, אַוועקלייגן די כּלים.

אויסגעבתבנט — [...קאַסווענט] אַדי, פּאַר

אויסכּתבֿ(ע)נען. אויסגעשריבּן (אָפּט פּעיאָ
צו לאַנג, צו גיך און ניט גענוג פּינקטלעך).
שווער צו לי.יענען דאָס א'ע צעטעלע.

אויסגעכתיבֿהט — [... קסיוועט] אָדי, פּאַר
אויסכּתיבֿה(נע)ן ←. אויסגעשריבּן מיט
ספּעציעל געצאַצקעטע, געדרוקטע אותיות;
אויסגעשריבּן וו אַ סופֿר. אַן א, קוויטל צום רבּין.
,
„פּשוט א, דאָרט — אין דעם סטיל דעם
שיינעם, ליבּן — איז געווען דאָס איינציק וואָרט...“,
פֿרוג , 'אין ווייטאָג־בּעט'. „אין עיגול אַרום
דעם אָדלער איז געווען א, מיט שאַרפֿע
גאָלדענע אותיות דער פּסוק...“, מוק, בּאַגעגענישן.
אויסגעכאָוועט — אַדי, פּאַר אויסכאָווען ←.
אויסגעהאָדעוועט מיט ליבּשאַפֿט, זאָרגעווידיק;
אויסגעצערטלט. אַ גלאַטע, א'ע הויט פֿון פּנים.
„אַ מאַן אין די דרײַסיקער, האָט [ער] מיט זײַן
גלאַטן, א'ן פּנים אויסגעזען ווי אַ ייִנגל פֿון
אַכצן“, אַש, משה. „דאָס איז די איינציקע
פּאָעמע וואָס גייט אַוועק פֿון דער היימיש־א'ער

אויסגעכאָוועטקייט

לאַנדשאַפֿט,,, יג, תּוך, 375. ,,ווילנער א'ער יחוס", מאַרקוט, ווילנער גאָון.

אויסגעכאָוועטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעכאָוועט. אַן א', אַן אויסגעצערטלטקייט.

אויסגעכאָליעט — אַדי, פּאַר אויסכאָליען I, II.
1. אויסגעקרענקט (גראָבלעך) [<חולה + פֿאַרסלאַווישטן קלאַנג ל]. 2.
אויסגעפּאַשעט, אויסגעכאָוועט; אָפּגעהיט, אויפֿגעפּאַסט. א'ע, ווײַסע, אַריסטאָקראַטישע הענט. [< סל]. "זײַן ווײַס־א'ער האַלדז", חג, ישיבֿה. "איבער זײַן גלאַטער א'ער פֿעל", זש, פּאַנדרע. ,,עפּעס ווי אַ גרויסער, א'ער קאָטער וואָלט זיך דאָ אויסגערוט", זש, ממזר.

אויסגעכאָליעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעכאָליעט. א, פֿון פּנים.

אויסגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אויסכאַפּן ←.
אויך: זייער געראָטן, אַזאַ וואָס מע כאַפּט אויס. ,,וועגן דעם חתן גופֿא איז דאָך שוין גאָר קיין רײד ניט געווען אַז ער איז...אַן א'ער יונג; עס איז פּשוט אַ נחת צו הערן ווי קלוג, ווי דרייסט...ער ענטפֿערט...,,, יכנה"ז,

וִיפָּאָל, 5 1890, No. *א'ער טויט = פּלוצעמדיקער פּריצײַטיקער טויט. „די שכינה זאָל...

,

אים מציל זײַן פֿון אַן א'ן טויט און פֿון אַ מיתה־משונה„„ קה I, צט.

אויסגעכאַפּט ווערן — פּאַס, נייטראַל. ווער א', א, געוואָרן. 1. פֿאַרשווינדן, נעלם ווערן, ער איז דאָ געווען מיט אַ מינוט צוריק, ער איז א, געוואָרן. „די שיף איז אין דער פֿינצטערניש געוואָרן נעלם, א, — און פּחד... האָט אָנגעפֿילט“, הר, ליים. 2. פּלוצעם שטאַרבן [דער ווי פֿאַר א, ווערט דורכגעלאָז]. „אַזאַ יונגערמאַן איז אונדז יענע וואָך א, געוואָרן“, קמ, 3 .10 1864, No. קללה: אומקומען, געכאַפּט ווערן פֿון שד(ים). „אוי, א, זאָלן שוין ווערן גאַנץ מאַלעריקע!“, לאַט, מישקע. 4. (גוטמוטיק און ווש, ווען אַ מאַמע זאָגט צו דער טאָכטער) א, זאָלסטו ווערן = זאָלסט וואָס גיכער חתונה האָבן און איך וועל זײַן פֿרײַ פֿון דיר. 5. אַלע אַנדערע בּבֿ ← אויסכאַפּן.

אויסגעכוואַליעט — אַדי, פּאַר אויסכוואַליען. וואָס האָט געמאַכט, ווערט געמאַכט מיט כוואַליעס. אַן א'ער ים. אַן א, באַלקלייד.

אויסגעכוואַליעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעכוואַליעט. א, פֿון אַ ריטעם.
אויסגעכליפּעט — אַדי, פּאַר אויסכליפּען ←.
אויסגעוויינט (אויף אַ קול, מיט שווערן
אָטעמען, מיט איבעררײַסן); אויסגעדריקט דורך
כליפּען. אַן א'ע בקשה.
אויסגעכמאַרעט — אַדי, פּאַר
אויסכמאַרע(נע)ן. 1. באַדעקט מיט שווערע וואָלקנס.
א'ער הימל. 2. וואָס דריקט אויס זאָרג,
אומצופֿרידנקייט. א, פּנים, א'ער שטערן.
אויסגעכמאַרעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעכמאַרעט. א, פֿון פּאָליטישן האָריזאָנט.
אויסגעכמורעט — אדי, פּאַר
אויסכמורע(נע)ן. אויסגעפֿינצטערט; געמאַכט

שווערמו182

טיק, טרויעריק, פֿאַרדאגהט. א'ער הימל, ים.
א, פּנים, א'ער שטערן.
אויסגעכמורעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעכמורעט.
אַ דריקנדיקע א'.

אויסגעכריפּעט — אַדי, פּאַר אויסכריפּען ←.
וואָס מע בּרענגט אַרויס מיט אַ כריפּ.
"...לעצטע, קוים א'ע און פֿאַרשטיקטע
ווערטער", שע, בּלאָנדזענדע שטערן II.
אויסגעלאָגלט — אדי, פּאַר אויסלאָגלען ←.
אַרויסגעגאָסן (ווי) פֿון אַ לאָגל. „אַן אַטאָם,
פֿון דײַן אָטעם א', האָט אין אַ צופֿעליק שטיק
האָלץ פֿאַרוואָגלט„, לע, בּײַם פֿוס פֿון בּאַרג.
אויסגעלאָדן — אַדי, פּאַר אויסלאָדן (זיך) ←.
~געלאָדענער. 1. בּאַפֿרײַט פֿון משׂא,
שווערקייט. א'ע שיפֿן. „אַן א'ער פֿון זײַן
גרימצאָרן", חג, ישיבֿה. 2. וואָס איז אָן אַ קויל
(צום שיסן). שרעק זיך ניט, די בּיקס איז
אַן א'ע. 3. וואָס איז אָן (פֿעאיקייט
אַרויסצוגעבֿן) ענערגיע. אַן א'ע בּאַטאַרייקע.
אויסגעלאָדנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלאָדן. א,
פֿון בּאַפֿרידיק־ע תּאוות.
אויסגעלאַדעט — אַדי, פּאַר אויסלאַדען ←.
צופֿאַרריכט, אויספֿאַרריכט. „(אין האַרבּסט)
זענען נאָך די פֿוטערס על־פּי־רובֿ ניט א'; נו,
איז דער פלאַשטש ווי געבוירן דערצו",
יודישער פּאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
אויסגעלאָדענערהייט — אַדוו. ווען עס

איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעלאָדן. „עס איז אַ שטרײַק און די שיפֿן בלײַבן
ניט־א'“, רייד.
אויסגעלאָוועט ווערן — פּאַס פֿון
אויסלאָוועןְ ←. דזוו אויסגעכאַפּט ווערן, בּ1. „די
סטרײַקערס...זענען א, געוואָרן ווי די מײַז“,
דעמבּלין, ערבֿ נאַכט.
אויסגעלאָזט, ~געלאָזן — אַדי, פּאַר
אויסלאָזן ←. ~לאָזענער. 1. וואָס איז
דורכגעלאָזן, פֿאַרפֿעלט. א'ע שטעלן אין מאַנוסקריפּט.
וואָס איז פֿאַרענדיקט, מער ניטאָ. א'ע כּוחות.
2. אַרויסגעלאָזן (פֿון אינעווייניק),
אויסגעדריקט. דער א'ער כּעס. 3. צעלאָזן,
אויסגעפּרעגלט. א'ע שמאַלץ. א'ער האָניק. 4.
צעלאָזן, אויסגעלאַסן, פֿאַרשײַט. „אויף זיי קען
דער בּעל־תּאווהניק, דער אויסגעלאָזטער
שאָלטאַק, אויסגיסן זײַן תּאווה ווי זײַן האַרץ
גלוסט אים“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „און
ווען חלילה ווערט זי ווערט גטן, בּאַקומסטו
אַ שם פֿון אַן אויסגעלאָזטן, ר״ל“, קמ, 1868,
No 43. „ער איז ניט קיין חושים, ער איז
אַן אויסגעלאָזענער יונג, אַ הולטײַ...
פֿאַרדרייט דעם קאָפּ פֿרעמדע ווײַבּלעך“, שע, '
מענטשן'. „...אַ פֿולע ליכטיקע לבֿנה, אַ נאַקעטע,

וו אַן אויסגעלאָזט־שײַנענדיקע נקבֿהשע
י

בּרוסט“, בּעדג, בּײַס דניעפּער ▯I.
אויסגעלאָזטקייט, ~געלאָזנקייט — די
(דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעלאָזט. ־לאָזן. אַן א, אָן צוימען.
אויסגעלאַטעט — אַדי, פּאַר
אויסלאַטע(נע)ן ←. אויספֿאַרריכט, צורעכט געמאַכט מיט
אַ לאַטע. „אין דעם פּעקעלע איז געלעגן אַן אַלט
א, העמד,„ ממוס, ווינטשפֿ. “...אַן א'ן קאַטוך

אויסגעלאָפֿן

מיט עופֿות“, הר פֿאַרנאַכט. „כּלות אָרעמע...
,
וואָס שעמען זיך דאָס א'ע וועש בּרענגען צו
דער שוויגער פֿאַרן אויג“, מאָל, 'פֿרויען־
לידער'.
אויסגעלאַטעטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז אויסגעלאַטעט. „וועסט עס נאָך טראָגן און
טראָגן א'“.
אויסגעלאַכט — אַדי, פּאַר אויסלאַכן (זיך) ←.

1. אָפּגעלאַכט, אויסגעחוזקט, אויסגעשפּאָט; אַראָפּגעריסן. א'ע פֿאָרשטעלונג. „כ'האָב ניט מורא מעסטן כּוחות, זײַן אַן א'ער גיבּור“, לאפּין, פֿולער קרוג. 2. איגנאָרירט, וואָס מע לייגט ניט קיין אַכט אויף דעם. א'ע טענות.

אויסגעלאַכטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעלאַכט. פֿאַרשעמטערהייט, א', זיך פֿאַררוקן אין אַ ווינקל.

אויסגעלאַכטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלאַכט. אַ ביטערע א'.

אויסגעלאָמט — אַדי, פּאַר אויסלאָמען I ←. ווערן לאָם. „אָ, הירשקע לעקערט...בּרעכסט מיט דײַנע א'ע הענט“, הל, 'ערשטער מײַ,. 1935,.

אויסגעלאמרט — [...ליימערט] אַדי, פּאַר אויסלאמרן ←. אויסגעפּלאַפּלט, אויסדערציילט וואָס מע דאַרף ניט. „אַן א'ער סוד,,, שע, יאָסעלע מאָלאָוויי.

אויסגעלאַנגט — אַדי, פּאַר 'אויסלאַנגען,. נעאָל. וואָס איז (געמאַכט) איבּעריק לאַנג. „אַ הילצערדיקער בּושל מיט אַן א'ן פּיסק, בּײַם אָוונט־בּרונעם שטייט דער שעפּנדיקער שטאַנג,,,

פּמ, סתּס.
אויסגעלאַסן — אַדי. ~געלאַסענער. >
פֿרידיַטש. אויסגעלאָזן בּ4, צעלאָזן; פֿאַרשיַט,
הפֿקרדיק; וואָס איז אָן מאָראַלישן קאָנטראָל. „,
וויַבּלעך, מיידלעך אַז ער דערזעט...דאָ קוועלט ער,
דער א'ער מענטש„, עט, סערקעלע. „דאָס איז אַן
א'ע שטאָט, אַ פֿאַרשיַטע, אָן אַ פּיצל
דרךארץ„, ממום, שטורעמציַט. „אַ ניגון — ווי
מע זינגט אים!...און עס קען זיַן די פֿרייד
פֿון אַן א'עם פֿויגל אין אַ הפֿקרוועלט„, פּרץ,
'גלגול פֿון אַ ניגון'. „אַ ייִדישער לערער איז
קודם־כּל אַן אַפּיקורוס און מאַכט זיַנע שילער
און שילערינס א'“, שע, אין שטורעס. „פֿייגל
לופֿטיק־פֿריַע מיט די לידעלעך די ניַע,
ווידערשפּעניק א'ע“, ר, מרדכילע, משלים.
אויסגעלאַסנהייט — די, ־ן. דטשמ.
אויסגעלאַסנקייט. „די אויסווייניקסטע חכמות...
וואַס בּרענגען צו א, און אַפּיקורסות, רחמנא
לצלן“, יד, אבן נגף.
אויסגעלאַסנס — די. מצ נבֿ. פּד, גאַליציע.
פֿרוי וואָס לעבּט אין סעקסועלער הפֿקרות,
הולטיַקע, זונה.
אויסגעלאַסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט און מצבֿ פֿון זיַן אויסגעלאַ ן; מידה

פֿון זײַן אויסגעלאַסן. "דעם רבֿס מיידל ווײַזט
די נאַקעטע פֿיס נישט חלילה פֿאַר א'", ווײַס,
'קליינע שטעטלעך'. „מײַן בלוט וואָס רוישט
און זינגט און לאַכט ווי א, בײַנאַכט", מלה.
אויסגעלאָפֿן — אַדי, פּאַר אויסלויפֿן ←.
~געלאָפֿענער. 1. וואָס איז איבערגעלאָפֿן,

אויסגעלאָקט

זיך איבערגעגאָסן, אויסגערונען. א'ע מילך.

2. וואָס מען איז דורכגעלאָפֿן. א'ע גאַסן.
3. וואָס איז געניט אין לויפֿן. א'ע פֿיס.
4. וואָס די צײַט פֿאַר דעם איז שוין פֿאַרבײַ.
א'ער טערמין. א'ע פֿרייד.
אויסגעלאָקט — אַדי, פּאַר אויסלאָקן. וואָס
איז געמאַכט מיט (אין) לאָקן, אויסגעגרײַזלט,
אויסגעקרײַזלט. א'ע האָר.
אויסגעלאָקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלאָקט. מיט
פֿרישן קאָליר און פֿרישער א, פֿון די האָר.
אויסגעלאַקסירט — אַדי, פּאַר
אויסלאַקסירן ←. אויך: שפּאָטוואָרט פֿאַר: געשולט,
געגאַנגען אין (די) קלאַסן. „מיר זענען ב"ה ניט

קיין בעלי־מלאָכות און ניט קיין א'ע. ניט
געגאַנגען אין די 'חאַלאַסן, [=קלאַסן]'', יודישער
פֿאַר־פּסח, 1881.
אויסגעלאָשן — אַדי, פּאַר אויסלעשן (זיך) ←.
~געלאָשענער. 1. וואָס מע האָט געמאַכט
עס זאָל מער ניט ברענען. א, פֿײַער,
א'ער אויוון. ,,א, איז דער פֿאַקל, ווידער
שאָטנס,,, דא I. ,,'עם, (פֿאָלק) איז פֿון לשון
'עוממות, — א'ע קוילן'', תּניא, 162. 2. וואָס
מע האָט אָפּגעשאַפֿט, באַזײַטיקט דאָס ליכט.
,,אַרום און אַרום האָט...געשוויגן דאָס
אויסגעלאָשענע שטעטל'', בערג, אין אַ
פֿאַרגרעבטער שטאָט. ,,מיט בלינדע פֿינגער טאַפּנדיק
אין פֿענצטער א'ע,,, מל, 'די נאַכט'. ,,אַ
טויטער שוואַרצער ים, אַ הימל א''', יהואָש,
'מיזערערע'. 3. וואָס האָט ניט מער
פֿריִערדיקן גלאַנץ, שײַן. ,,דער טויט [האָט]...
דורכגעלײַכט זיך אין די שפּיציקע א'ע אויגן'', שע,
בלאָנדזענדע שטערן. ,,פֿון־דער־ווײַטן ערשט
קוקט זי אויף אים מיט אַן א'עם בליק'', ווײַס,
אַ חתן ווערן'. ,,אַמאָל כּחום היום איז ער
,
געגאַנגען איבערן א'ענעם יאַריד'', ייִט, טאָג,
29 1959 III. ,,צער פֿון א'ע זומערן'',

ראָדאָשיצקי, 'ליד אין אומרו'. 4. וואָס האָט ניט
פֿריִערדיקע ענערגיע, חשק, כּוחות. א'ע נשמה.
“וויגט זיך הין און הער אין אַ מידן, א⃞ עם
ריטעם“, יהואָש, 'סאָבּוויי'. „יענע
אויסגעמאַטערטע און א'ע“, שטריגלער. 5. אָפּגעמעקט,
אומקלאָר. „...הדיו לבֿן אונד די בּוכשטאַבּען
פֿאַסט א'“, וועלוול זבּאַרזשער, בּריוו [פֿש III].
6. וואָס האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרענדיקט. א'ע
האָפֿענונגען. א, לעבּן.
אויסגעלאָשן ווערן — נייטראַל. ווער א', א,
געוואָרן. 1. אויפֿהערן בּרענען. „אונדזער ליכט
און אונדזערע מאַנענס ליכט און קינדערס ליכט
זאָל ניט א, וו, פֿאַר דער צײַט, חס ושלום“,
ממוס, שלמה. 2. אינגאַנצן בּטל ווערן;
פֿאַרגעסן ווערן. ייִדישקייט זאָל ניט א, ווערן!
„אויף די קרבּנות וויין און קלאָג, מײַן פֿאָלק,
מיט הייסע טרערן פֿון זיי דער אָנדענק זאָל

,
אין דיר ניט א, וו'!“, פֿרוג, 'קרבּנות'. „דער
גוטער פּלאַן איז אָבּער דאָך נישט א, געוואָרן,
די קאָמיסיע האָט...“, קמ, 13 1867, No.
אויסגעלאָשנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלאָשן.
„הײַנט אָבּער זײַנען שוין די שויבּן

באַפּעלצט און אויפֿן קוימען ליגט די קאַלטקייט
און א',,, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג.. ,,איבער

183

מיר האָט זיך צעגאָסן די א, פֿון טאָג“, הל,
טמז, 30 ￼ 1957 I.
אויסגעלבֿנהוועט — [...לעוואָ￼נעווע￼] אַדי.
באַשײַנט פֿון דער לבֿנה (איר בײַטעם). ,,ניט
קיין וואַסערמיידל איז אַרויס אויפֿן שטילן,
א'ן ברעג...דאָס איז פֿעטער פֿאָליע מיט אַ
געגנבֿעטער פֿעל“, קולבאַק, זעלמעניאַנער II.
אויסגעלבֿנהט — [...לעוואָנע￼] אַדי. באַשײַנט,
באַצירט פֿון דער לבֿנה. א'ע נאַכט, א'ער הימל.
אויסגעלויבט — אדי, פּאַר אויסלויבן ←.
וואָס מע האָט שטאַרק געלויבט,
אויסגערימט. א'ער פֿירער, א'ע רפֿואה.

אויך: ~געלייז(יק)ט. אויסגערייניקט פֿון
אויסגעלויזט — אדי, פּאָר אויסלויזן II.

-▯

לײַז. א'ע, האָט מען זיי געפֿירט פֿון באָד.

אויסגעלויטערט — אַדי, פֿאַר

אויסלויטערן ←. געמאַכט דורכזיכטיק, קלאָר. א'ע געדאַנקען.

אויסגעלויטערטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלויטערט. „טראַכטן פֿון אַזאַ הכנה פֿאַרן לויטערן שווײַגן — מיטן אָנלען אויף בײדע: סײַ אויפֿן שווײַגן און סײַ אויף דער א'„, יג, תּוך.

אויסגעלויכטן — אַדי, פֿאַר אויסלויכטן ←.

שטאַרק באַלויכטן. א'ער וועג, א'ע שיטה.

אויסגעלויכטנקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלויכטן. די זוניקע א, פֿון דעם גליקלעכן לאַנד.

אויסגעלונגען — אַדי, פֿאַר אויסגעלינגען←.

אויסגעלונקען ▯—־ אדי, פֿאַר אויסלינקען ←.

1. אַרויסגעדרייט, אַרויסגעשלאָגן פֿון געלענק, אויסגעוויכניעט. „איז די זון אַרויס און יעקבֿ האָט געהונקען...מיט זײַן קראַנקן דיך, פֿון גאָט ערשט א'“, אַל I I, 'ישׂראל'.

2. געוואָרן פּאָליטיש לינק, אויסגעלינקט. איר.

וואָס רעדסטו מיט אים, ער איז אַן א'ער!

אויסגעלוסקעט — אדי, פּאַר אויסלוסקען ←. 1. באַפֿרײַט פֿון שאָלעכץ, שופּן, צודעק(ן). אָפּגעשיילט. א'ע סעמעטשקעס. 2. באַדעקט מיט שופּן. "טשײַקעס...זיך דרייען אויף זײַן א, לײַב,,, פּמ, סתּם.

אויסגעלופּעט — אַדי, פּאַר אויסלופּען ←. אויסגעגלאָצט, אויסגעשטאַר(צ)ט. "...איז געבליבן שטיין אינמיטן דער באַלײַכטונג...און געקוקט מיט א'ע אויגן", זש, פּאנדרע.

אויסגעלופֿטערט — אַדי, פּאַר אויסלופֿטערן ←. 1. אויסגעפֿרישט, אָפּגעפֿרישט, אויסגערייניקט אויף דער לופֿט. א, בעטגעוואנט; א'ע ספֿרים. 2. דורכדיסקוטירט, דעבאַטירט. א'ע פּראָבלעמען.

אויסגעלושטשעט — אדי, פּאָר אויסלושטשען ←. 1. אויסגעלוסקעט, אויסגעשיילט. א'ע קערעלעך. 2. דורכגעבראָכן, געעפֿנט. דרייזין.

אויסגעליאַמעוועט — אַדי, פּאַר אויסליאַמעווען ←. 1. אויסגענייט, אַרומגענייט, אַרומגעזוימט. א'ע ברעגן פֿון אַ מלבוש. 2. וואָס האָט אַ קאָנטיקן ברעג, זוים, בולטע ראַם. א'ע אויגן.

אויסגעליגן — ← אויסגעלִיען.
אויסגעליטן — אַדי, פּאַר אויסלײַדן ←. ~
געליטענער. 1. וואָס האָט (געהאַט) אַ סך

אויסגעליידיקטערהייט

צרות, לײַד. „די שטאָט איז קראַנק און א,
פֿון הונגער און פֿון האַסן“, סעג, קאַפּריזן.
„איך וואַרט אומניסט אַן א'ער, און קיין
בתקול טוט ניט ברומען„, אַל II, 'אין
דערוואַרטונג'. 2. וואָס קען איבערטראָגן, פֿאַרלײַדן
צרות. זי איז אַן א'ע און זי וועט עס
איבערטראָגן.
אויסגעליטנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעליטן. „אָט
גיט דײַן ליד, נאָך אַלע א'ן, זיך אַ הייבֿ“, הל,
בלאט אויף אַן עפּלבוים.
אויסגעליטענערהייט — אדוו. ווען מען
איז אויסגעליטן; אין מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעליטן. גיין ווײַטער אין שפּאַן א..
אויסגעלייגט — אַדי, פּאַר אויסלייגן ←.
1. אַוועקגעלייגט אין אַ געוויסן סדר,
אויסגעשטעלט. א'ע סחורה. „ווען איינער הייבט
אויף אַ ווײַנשטאָק איבער שטענגלעך (א, אין

דער לענג און אין דער ברייט), טאָר ער ניט
בּרענגען קיין זאָט אונטער די איבּעריקע א'ע
שטענגלעך", זרעים, מה/1. „איך האָבּ מיר
פאָרגעשטעלט אַז בּײַם רבּונו־של־עולם אין
אוצר זענען א, די נשמות ווי די סחורה בּײַ
מײַן מאַמען אין געוועלבּל", פּרץ, 'וואָס הייסט
„נשמה"'. *ליגן א, = א) אין אַן אָרדענונג;
בּ) סתּם אַזוי, אָן זאָרג. „אויף די □ שטעלן,
טישלעך אין מאַרק ליגן א, געצוויקלטע
קישעלעך, פלעדלעך", ממוס, שלמה. „די יונגען
ליגן א, אויפֿן גראָז און פֿײַפֿן אונטער אַ ניגון".
2. אויסגעשפּרייט, פֿאַרשפּרייט. א'ער טעפּעך.
„בּײַ זיי די גאַניקעס א, מיט דיוואַנעס,„ □רץ,
אַ יונגן שרײַבּערס חנוכּה'. „דעם מאָל וויל
,
איך צוגעבּן אַ טאָפּעלע בּקשה וואָס איז א,
און אויסגעשפּרייט פֿאַר אַלע...", תּניא, 420.
3. ← אויסלייגן, בּבּ □9, 11—16. 4. (
שנײַדערײַ) א'ער קאָלנער = בּרייטער קאָלנער
וואָס ליגט גלײַך אויפֿן מלבּוש. „אַ העמד מיט
אַ גרויסן א'ן קאָלנער פֿאַרבּונדן מיט
בּענד,
לעך, אָן אַ האַלדזטיכל", ממוס, קליאַטשע.

*א'ע (קנאָפּ־לעכער = באַארבעטע, ספּעציעל
אַרומגעגנייטע מיט נאָך פֿאָדעם.

אויסגעלייגטערהייט — אדוו. ווען מען איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעלייגט. די סחורה זעט אויס בעסער א'.

אויסגעלייגטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלייגט. גלײַכמעסיקע א'.

אויסגעליידיקט — אדי, פּאַר אויסליידיקן←.
וואָס מע (האָט גע)מאַכט אינגאַנצן ליידיק; אויסגעלערט; אויסגעשעפּט. א'ע כּלים, שטובֿ; א, האַרץ. „עס ליגט לבֿנהדיק, לײַכט און לער, נאָך האַלבער נאַכט די גאַס — אַ טרוים אַן א'ער“, אַל I. “ווי אַן א'ע בערנפֿעל אין אַ שלאָפֿצימער...“, ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע. “...געבליבן זיצן מיט אַ טרוקענעם האַלדז, אַן א'ער, ווי אַן אויסגעקאָכטער טשײַניק“, אָפּאַ, היברו.

אויסגעליידיקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז געמאַכט ליידיק; אין מצבֿ פֿון זײַן אויסגעליידיקט. שווער צו טראָגן דעם קאַסטן אַפֿילו א,.

אויסגעליידיקטקייט

אויסגעליידיקטקייט — די (דאָס□, ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעליידיקט. א,
פֿון האַרץ און מוח.
אויסגעלייזט — אַדי, פּאַר אויסלייזן ←.
,,...אַן אַנדערער, אַ נײַער...פֿון זיך אַן א'ער
און זיך אַליין אַ טרייסטער,,, אר, ,
באַפֿרײַאונג,.
אויסגעלייזט ווערן — פּאַסיוו. ווער א', א,
געוואָרן. ← אויסלייזן, ספּעצ בּבּ □־—9.
,,ווילשטו העלפֿן אלז מיר זאַלן אויש דען
גלות אויש גילייזט ווערין, מושטו פֿון תּשובֿה
און תּפֿילה ניט אָפּ קערן'', עיון, 1/11. ,,די
גמרא זאָגט: אַז ישׂראל וועלן תּשובֿה טאָן,
וועלן זיי א, וו, פֿונעם גלות,,, לט2 2/26. ,,ער
האָט מתפּלל געווען אַז די ישׂראל זאָלן א, וו,
כּדי זיי זאָלן גאָט דינען'', חה, בּ, 306. ,,יעדע
זאַך דאַרף תּיקון. יעדע זאַך מוז א, וו, פֿון
דער מרה־שחורה אין וועלכע אַלץ פֿאַרפֿאַלט,,,
פּרץ, חסידיש.
אויסגעלייזטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעלייזט.
אָפּצאָלן א'; זיך פֿילן בעסער א'.
אויסגעלייזטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלייזט. א,
פֿון פּלאָג און פּײַן.
אויסגעלײַז(יק)ט — דזוו אויסגעלויזט ←.
אויסגעלײַטערט — אַדי, פּאַר
אויסלײַטערן←. 1. (וואָס מע האָט געמאַכט) קלאָר,
דורכזיכטיק. א'ע רייד. 2. באַפֿרײַט פֿון
וואָלקנס, כמאַרעס, נעפּל. א'ער טאָג. „...האָט ניט
פֿאַרשטאַנען צוליבֿ וואָס דער סאָלדאַט שעלט...
דעם א'ן הימל“, ספּ, סודות. *א, פּנים =
ליכטיק, שײַנענדיק. 3. אויסגערייניקט;
באַפֿרײַט פֿון דריקענישן, זאָרג, זינד. „...איז איר
א'ע נשמה אויפֿגעגאַנגען אין הימל אַרײַן“,
ווײַס I, 'איינער אַ מענטש,. „ווי אַן
אײַנגעשלאָפֿן קינד, דײַנס אַ קינד, א, אין מײַן האַרצן
שלאָפֿט די זינד“, הל, אין קיינעמס לאַנד.
*א, געמיט = באַפֿרײַט פֿון זאָרג. 4.
דורכגעטראַכט, דערהויבן, דורכגעווייטיקט. א'ע
געדאַנקען.
אויסגעלײַטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעלײַטערט. א, פֿון דער לופֿט, פֿון דער מחשבֿה.
אויסגעלײַלעכט — אַדי, פּאַר 'אויסלײַלעכן'.
נעאָל. באַדעקט מיט אַ לײַלעך. „נישט
דערפֿאַר, וואָס אויף בעטן אויסגעלײַלעכט ווײַסע

איך לייג רועען זיך בײַנאַכט,,, נ. באָמזע, אין טעג פֿון דער וואָך.

אויסגעלייענט — אַדי, פּאַר אויסלייענען ▯.

א'ע ביכער. א'ע, אויסגעלִיענע געדאַנקען.

אויסגעליכטיקט — אַדי, פּאַר אויסליכטיקן ←. וואָס מע האָט געמאַכט דורך און דורך ליכטיק(ער). א'ע נשמה, איבערלעבונג. ,,איך האָב אין זײַן נשמה אַ געזאַנג געהערט, פֿון קדושים־דורות א'‘‘, אַל I, ,אין גאונס קלויז'.

אויסגעלינגען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. געלינגט אויס, ~געלונגען. פֿטמ. זיך אײַנגעבן, געראָטן, אינגאַנצן געלינגען. עס וועט מיר א, זיך אַרויסצודרייען. ,,אויסגעלונגען צי אויסגעלונקען?,, — שפּאַסיקע פֿראַגע צו אַ באַרימער.

אויסגעלינקט — אַדי, פּאַר אויסלינקען (זיך) ←. 1. דזוו אויסגעלונקען; אויסגעוויכניעט. א'ע האַנט, א'ער פֿוס. 2. וואָס באַניצט די לינקע האַנט בײַ דער אַרבעט. ביידע קינדער זײַנען א'ע. 3. אומגעלומפּערט. א'ע הענט, מאַנירן. 4. געוואָרן פּאָליטיש לינק. אַן א'ער סאָציאַליסט.

אויסגעלינקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלינקט. „א,
ווערט ניט באַטראַכט ווי אַ חסרון און מע
לאָזט די קינדער פֿרײַ שרײַבן מיט דער
לינקער האַנט“, רייד.
~ג□
יגן. וואָס מע האָט געגעבן אָדער
געאויסג ל□ען — אַדי, פּאַר אויסלײַען ←. אויך:

נומען צו ניצן אויף אַ געוויסער צײַט און מע
דאַרף עס אָפּגעבן. א'ע מלבושים, כּלים; א,
געלט. „שמואל איז געווען אַ 'שאול לה', אַן
א'ער צו גאָט“, אפֿא, עבֿרי־טײַטש.
אויסגעלן — טרוו. געל אויס, ~געגעלט.
מאַכן געל(ער); באַפֿאַרבן מיט געלער פֿאַרב;
צומישן געלע פֿאַרב. א, די ווענט אין קיך.
אויסגעלן זיך — □ □ טוו. ← דפֿוו. 1. פֿון
זיך, אָן אַ כּיוון, ווערן געל(ער). ער האָט זיך
נעבעך אויסגעגעלט און זעט אויס קרענקלעך
און שוואַך. 2. אויפֿהערן זײַן אַ 'גרינער',
איבערנעמען (שלעכטע) שטריכן פֿון
אַמעריקאַנער לעבן.
אויסגעלעבט — אַדי, פּאַר אויסלעבן (זיך) ←.

1. דורכגעלעבט, אָפּגעלעבט. א'ע יאָרן. 2. אַלט, אָפּגעניצ(עווע)ט. א'ע אידייען. 3. וואָס איז פֿאַרגאַנגען, אויסגעליידיקט (נאָך אַ צײַט פֿון געניסן עס). א'ע פֿריידן, תּענוגים, געפֿילן.

אויסגעלעבטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלעבט. די אויסגעשעפּטקייט, די א, פֿון געפֿילן.

אויסגעלעגן — אַדי, פּאַר אויסליגן (זיך) ←.
~לעגענער. 1. וואָס מע האָט פֿאַרבראַכט אין ליגן; די פֿאַרמיטאָגן, א'ע אין בעט.
2. וואָס איז בעסער געוואָרן דורך ליגן (די נייטיקע צײַט). אַן א'ע קראַנקייט. א'ע עפּל, באַרן. 3. וואָס איז ערגער געוואָרן דורך ליגן (אַ לענגערע צײַט ווי נייטיק). א'ע און האַלבּ־פֿאַרפֿוילטע פּירות.

אויסגעלעזן — דזוו אויסגעלייענט. דטשמ.

אויסגעלעכערט — אַדי, פּאַר אויסלעכערן←.
וואָס מע האָט אין דעם געמאַכט (אָדער געוואָרן) אַ לאָך ▯ווער לעכער. א'ע הויזן, לונגען.

אויסגעלעכערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלעכערט. אַן א, ווי בײַ אַ זיפּ.

אויסגעלעכצט — אַדי, פּאַר אויסלעכצן ←.

1. שטאַרק (גערויערדיק, אָנגעשטרענגט) באַגערט (יעדער זאַך וואָס עס פֿעלט). א, נ אָ ך וואַסער, נאָך ליבע. „אויסגעמאַטערט און א, פֿ ו ן שוויציקער היץ...האָבן זיך אַרומגעשאָקלט די אַרבעטער“, בערג, ביז דניעפּער I.
2. דערגרייכט נאָך לענגערן, אָנגעשטרענגטן באַגערן. א'ער חתן. א'ע פֿרייד.
אויסגעלענגערט — אַדי, פּאַר אויסלענגערן←. „...אַ ייִד דערלאַנגט אים אַן א'ע און

אויסגעלערנט

הכנעותדיקע תּפֿ◌לה“, הרבֿ שוואַרצמאַן, אָמעדיקאַגער, 29 ◌1960 II.
אויסגעלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגעלן.
אויסגעלענקט — אַדי, פּאַר אויסלענקען ←.
1. דזוו אויסגעלונקען, אויסגעלינקט ב1. „דער פֿוס איז געווען א'; אויף נאָשעס האָט מען געמוזט אַהיימטראָגן„, רחל קאָרן, ערד. „די צעפּלאַצטע נעזער, די צעהאַקטע ליפּן, די א'ע פּלייצעס!“, פֿרוג 2 .II. וואָס איז אָן חשק צו אַרבעטן (קעמפֿן), אָן מוט. אויפֿשטיין א, נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט. „מיר אַלע וואָס

האָבן מיטגעמאַכט דעם דאָזיקן טראַגישן קאַמף זענען עפּעס ווי א',,, באַש, בית־דינשטובּ.

אויסגעלענקטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלענקט. אַ ווייטיקדיקע א'.

אויסגעלעסטערט — אַדי, פּאַר אויסלעסטערן ←. פֿאַרשוועכט, פּראָפֿאַנירט. א'ע הייליקייטן.

אויסגעלעפּערט — אַדי, פּאַר ,אויסלעפּערו, (נבֿ). אַרכ. < בײַעריש. אויסגעלעקט. ,,דיא ארמי שילדבּורגר וואַרן מיט זאלכיר באַטשאפֿט דש הערץ לייד אין בּוזין גישאסין ווערכיש זיא ליבּר בּייא דען ווערט אויז גילעפּרט העטין,,, 'שילדבּורגר זעלצאמי אונ, קורצווייליגי גישיכטי', [אַווע III].

אויסגעלעקט — אַדי, פּאַר אויסלעקן ←. 1. וואָס מע האָט אַרײַנגענומען אין זיך לעקנדיק. א'ע מילך. 2. אויסגעליידיקט דורך לעקן. א'ע טעלער. 3. וואָס מע האָט עס באַלעקט. א'ע וואונד.

אויסגעלעקלט — אַדי, פּאַר אויסלעקלען. וואָס איז געמאַכט מיט לעקעלעך, אויסגעגרײַזלט. א'ע האָר.

אויסגעלערט —, אַדי, פּאַר אויסלערן ←.
אַרכ, פּד. 1. אויסגעליידיקט. ,,איינר דער
פּײַנט האָט שטראָף דער איז איין נר, דער
אויז גילערט איז פֿון אלי גוטסקייט אויף
דר וועלט און אויף יעני וועלט“, לט1, 1/39.
,,די ליפּן האָבּן אויסגעזען ווי א, פֿון בּלוט
און ליידיק פֿון אָטעם,,, ווײַס I□י, 'ווי דער גורל
פֿירט'. ,,ס□ו.ייִדן אויסגעהוילטע שטימעו, ס'
קוקן א'ע אַפּלען“, צײַט, 'טויט און תּאווה'.
2. וואָס פֿאַרמאָגט ניט עפּעס, וואָס עפּעס
פֿעלט דעם. ,,הקבּ,,ה מאַכט מיד די פּײַנט פֿון
ישׂראל די דאָ זײַנען א, פֿון מצוות“, צור,
לך־לך.
אויסגעלערטקייט — די (דאָס), ־ן. דזוו
אויסגעליידיקטקייט. אויפֿן פּנים אַן א,, די
אויגן אָן שום אויסדרוק.
אויסגעלערנט — אַדי, פּאַר אויסלערנען
(זיך) ←. 1. וואָס מע האָט געלערנט גרינטלעו
(און מע קען). די א'ע בּלעטער גמרא; א'ע
מלאָכה. 2. וואָס מע האָט עמעצן געלערנט גרינטלעך
(און יענער קען עס). אַן א'ן זאָל מען ניט
לערנען. 3. וואָס אַן אַנדערער האָט
צוגעגרייט, דורכגעטראַכט און מע זאָגט נאָר נאָך.
א'ע רייד. ,,בּײַם אָנהייבּן חומש האָט שוין אַ

ייִנגעלע געהאַלטן אַן א'ע דרשה פֿאַר אַן
עולם געסט אויף דער סעודה,,, ממוס, שלמה.

אויסגעלערנטערהייט

אויסגעלערנטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט (מען איז) שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעלערנט. גנבֿענען א'.
אויסגעלערנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעלערנט. ,,אַ
קינסטלערישע א, וואָס איז בולט...אין די שיל..
דערונגען", יג, תּוך.
אויסגעלעשט — אַדי, פּאַר אויסלעשן. דזוו
אויסגעלאָשן ←. ,,דען אירי נשמות זיינן אַז
איש גילעשט שטרוא...דען זיא האבין קיין
תּורה ניט,,, נצ1, במדבר, כה/א.
אויסגעמאָגערט — אַדי, פּאַר אויסמאָגערן←.
אויסגעדאַרט, אויסגעצערט. ,,דורך דער טאַקסע
זענען די ייִדן קראַנק, דאַר, א, און לײַדן
ביטערע שלאַפֿקייטן", ממום, קליינמענטשעלע.
,,פֿאַרן אויוון זענען געלעגן די שוועסטערלעך
און געשלאָפֿן מיט זייערע א'ע בלאַסע
פּנימלעך", ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג'. ,,זײַן א'ער,
דאַרער קערפּער איז געוואָרן ווי אַ גוף פֿון אַ

הייליקן,,, אַש, תּהילים־ייִד.
אויסגעמאָגערטערהייט — אַדוו. ווען
מען איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעמאָגערט. א, זעט ער גאָר אויס ווי אַ מת.
אויסגעמאָגערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעמאָגערט. ,,זייער א, אין פּרט פֿון שילדערונג
פֿאַרמאָגט אַ בּיבּלישע מוזיקאַלישקייט“, יג, תּוך.
אויסגעמאַטערט — אַדי, פּאַר אויסמאַטערן
(זיך) ←. 1. וואָס מע האָט עס שטאַרק מיד
געמאַכט. ,,שטייט דער וואַלד...און שלאָפֿט
אַן א'ער“, אַל , 'די לעצטע,. ,,און אַן א, ווינטל
אויף די בּערג שלעפּט אום די נעבּלס“, יהואָש,
,די קעטסקיל־בּערג'. 2. וואָס איז אינגאַנצן
אָן כּוחות; אויסגעמוטשעט, אויסגעפּײַניקט.
,,און די פֿאָן די ווײַס־און־בּלויע, שוין פֿון
שטורעמס א'...“, אר, 'אין האָל אָוו
אינדעפּענדענס'. ,,איך בּין געגאַנגען צום שײַן, א,
אין וואונדן“, מל, ,דו האָסט אין דער ווײַט,.
אויסגעמאַטערטערהייט — אַדוו. ווען
מען איז (אין צושטאַנד פֿון זײַן)
אויסגעמאַטערט. א, קען מען ניט אײַנשלאָפֿן.
אויסגעמאַטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

אויסגעמאַטערט. אַן א, ביז צום חלשן.
אויסגעמאַכט — אַדי, פּאָר אויסמאַכן ←.
1. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט מאַכן; אויסגעאַרבעט, באַאַרבעט. א'ע פֿעל. א'ער פּאַרמעט. *א'ע חלה = אויסגעקנאָטן אין פֿאָרעם פֿון אַ חלה. „א'ע, אויסגעפֿלאָכטענע חלות לכּבֿוד שבת“, ספּ, יודישע וועלט. *א'ע ציצה = צונויפֿגעוויקלט. על־פּי דין. „אַוועקגעשאָנקען אַן א'ע ציצה אַן אָרעמען יתום“, אפּ“ס, גרונעלע די רעבעצין, ווילנע 1874. 2. וואָס מע האָט אויסגערייניקט, אויסגעשאָבן, אַרויסגענומען ביינדלעך אע. א'ע קאַרשן. „אַ פֿינצטער חדר מיט אַ משונה־מאָדנע ריח פֿון פֿרישע פֿעל נאָר וואָס א'ע„, שע, אַלט־ניי כּתרילעווקע. 3. צונויפֿגעשטעלט, אָרגאַניזירט. אַן א'ער בריוו; א'ער יד־אַחת. 4. קלאָר און ענדגילטיק אָפּגערעדט, אָפּגעמאַכט. ס'איז ביי אונדז אַן א'ע זאַך. *ס'איז ניט א, = ניט פֿעסטגעשטעלט, ניט ענדגילטיק זיכער. „איבעריקס איז ניט א,,

איבּ דער מענטש האָט...“, ייִפֿאָל, 1 1881 X.

5. וואָס האָט געראָטענע המצאָות, כיטרע. אַן א'ער יונג. „ער איז געווען אַן א'ער ייִנגל" , אמד, שטיפּמוטער. „ער קען ווידער אַ דריי טאָן דאָס רעדל אָן אַ זײַט, ער האָט אַזאַ א'ן קאָפּ" , מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק. *א'ער קאָפּ (לד) = דורכגעטריבענער, כיטרער, געביפּטער יונג. 6. וואָס האָט פֿאַרלאָרן פּריִערדיקן ווערט, אָפּגעשפּילט די ראָלע. אַן א'ער קנאַקער. „וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט האָבן די חבֿרה קדישא נאָך תּחית־המתים?...ווי אַן אָפּגערופֿענע מטבע, אָדער ווי אַן א'ער גבאי בײַם רבין", ייִפּאָל, 22 1881 X.

אויסגעמאַכטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (איז אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמאַכט. א, וועט די פֿעל קאָסטן טײַערער. פּרעגלען קאַרשן א, = ווען מע האָט אויסגעביינדלט.

אויסגעמאַכטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעמאַכט (דערעיקר מיט בב 5 ,1).

אויסגעמאָלאָטשעט, ~געמאָלויצעט — אַדי, פּאַר אויסמאָלאָטשען, ~מאָלויצען. אויסגעדרעשט, אויסגעדראָשן. א'ער קאָרן.

אויסגעמאָלדן — אַדי, פּאַר אויסמעלדן (זיך) ←. ~געמאָלדענער. 1. גוט באַקאַנט

געמאַכט. אַן א'ע פֿאַרזאַמלונג. 2
פֿאַררעגיס— — .
טרירט בײַם אַוועקפֿאָרן (ווען מע מוז אָנגעבן
אין פּאָליציי ווען מע קומט און ווען מע פֿאָרט
אַוועק). אַן א'ער איז ער געבליבן אין שטאָט.
אויסגעמ אַדי, פֿאַר אויס .
אויסגעמאָל
אַלט — אלן I, II.
אויך: ~ ן. ~געמאָלענער.
פֿאַרבט; אויסגעצייכנט; אויסקאָלירט; געמאַכט
אין פֿאָרעם פֿון אַ געשטאַלט. „אַ חשבון וואָס
ער זעט אים מיט די אויגן, וואָס...איז א, אויף
אַלערליי ציורים„, חה, ב, 222. „יריעות...ווי
מגילות מיט א'ע גלגולים„, ממוס, שלמה.
„אין דער מאַמעס טײַטש־חומש שטייט א, ווי
שמשון צערײַסט דעם לייב“, אַש, תּהילים־ייִד.
שיין ווי א'. *א'ער גולם = נאַר וואָס רירט
זיך ניט פֿון אָרט. שטייסט ווי אַן א'ער גולם.
2. געזען אין פֿאַנטאַזיע, דמיון; זיך
פֿאָרגעשטעלט. „די גאַנצע לאַנדקאַרטע איז בײַ זיי א,
אויף דער האַנט“, ממוס, ווינטשפֿ. „מיט
רעגנבויגן־פֿאַרבן א, די קרוין פֿון גאָט איז, צלם
אלוקים גערופֿן„, יהואָש, 'נאַקעטע נשמות'.
3. אויסגעריבן צווישן מילשטיינער. א'ע

תּבֿואה, קערנער אע.

א לטערהייט — אַדוו. אויך: ~

גערהייט. ווען עס איז שוין (איז

אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמאָלט. א, וועט מען

עס בעסער פֿאַרשטיין. א, וועט עס אויסזען

אַנדערש פֿאַרקויפֿן ווייץ א'.

— .

אויסגעמאָלטקייט — די (דאָס), ־ן. אויך:

~געמאָלנקייט. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון

זײַן אויסגעמאָלט. בולטע, פֿאַרביקע,

פֿאַנטאַסטישע אאַ א,.

אויסגעמאַל(י)עוועט — אַדי, פּאַר

אויסמאַל(י)עווען. אויסגעפֿאַרבט, אויסגעמאָלט מיט אַ

קאָליר (ווענט, ווענט, סופֿיט). א'ע ווענט.

אויסגעמ — אַדי, פּאַר אויסמע

ע ו. וואָס

לקן ←.

אויך: ~ על

קט. ~געמאָלקענער.

אַל

מע האָט פֿון דעם אַרויסגעצויגן מילך (יעדער

אויסגעמאַרינירט

אַנדער מין פֿליסיקייט). „די שטאָט־בהמות... ליגן זיך שוין א'ע אויף דער גאַס“, ממוס, שלמה. *שטיין ווי אַן א'ע קו (אויך: א'ער אָקס!) = תּמעוואַטע, אָפּגענאַרט. 2. וואָס מע האָט פֿון דעם אַרויסגעצויגן כּוחות, געזונט, געלט, אינפֿאָרמאַציע. אַרויסגעקומען פֿון אַ געשעפֿט אַן א'ער. אַרויס פֿון עמעצנס הענט אַן א'ער. *א, פּנים, א'ע צורה = אָן בלוט, בלאַס. „איר געוועזענער חתן מיט דער בלאַסער, א'ער צורה“, חג, ישיבֿה.

א הייט — אַדוו. אויך: ייִט. ווען עס איז שוין (איז אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמאָלקן. „א, שווערט ער זיך אַז ער וועט מער קיין זאַך ניט דערציילן„, רייד.

אויסגעמאַ(נ)גלט — אַדי, פּאַר אויסמאַנגלען, טרוו ←. דורכגעלאָזן דורך אַ מאַנגל וואָס מאַכט גלאַט וועש. „...האָט אַ צופֿרידענע פֿונאַנדערגעוואָרפֿן די פֿרישע, ווי די בלעטער א'ע שטיקער וועש„, אָפּאַ, אַליין.

אויסגעמאָנט — אַדי, פּאַר אויסמאָנען I, II.
1. אַרײַנבאַקומען נאָכן מאָנען. אַן א'ער חובֿ.
2. אַ סך מאָל געמאָנט, אָבער ניט

אײַנגעמאָנט. א'ער, אָבער ניט אײַנגעמאָנטער חובֿ.
אויסגעמאַנט(ש)עט — אַדי, פּאַר
אויסמאַנט(ש)ען. אויך: ~געמאָנט(ש)עט.
אויסגעבעטלט; אַרויסגעשלעפּט; אויסגעשווינדלט. א'ע
נדבֿה, א'ע געלט.
אויסגעמאָסטן — אַדי, פּאַר אויסמעסטן ←.
~געמאָסטענער. 1. דורכגעמאָסטן; אָפּגעשאַצט
אָדער אויסגערעכנט די מאָס. א'ער שטח, וועג.
2. גלײַכמעסיק, ריטמיש. „אין רואיק־שטילע
צײַט גייט מען זיך דאָרט צו יעדער זאַך מיט
געציילטע א'ע טריט", ווײַס I, „חיים אַהרן'. „און
א'ער טאַקט אין מײַנע שוואַכע גלות־טריט?",
הר, אונטער גאָטס הימלען.
אויסגעמאָסטנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעמאָסטן. די
א, פֿון רייד. א, וו אַן אייגנשאַפֿט פֿון קונסט.
,
אויסגעמאָסטענערהייט — אדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמאָסטן.
אָפּקויפֿן אויפֿס (ניט ▯)א'.
אויסגעמאָרדעוועט — אדי, פּאַר
אויסמאָרדעווען (זיך) ←. 1. אויסגעמאַטערט,
אויסגעמוטשעט, אויסגעפּײַניקט. מיט אַן א'ן
אויסזען. 2. דזוו אויסגעמאָרד(ע)ט ←.

אויסגעמאָרדעוועטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעמאַטערטקייט, אויסגעמוטשעטקייט,
אויסגעפּײניקטקייט. א, פֿון שווערער האָרעוואַניע.
אויסגעמאָרד(ע)ט — אַדי, פּאַר אויסמאָרדן
←. אויסגעהרגעט, אויסגעקוילעט, אויסגעטייט.
דאָס א'ע פֿאָלק.
אויסגעמאַרייעט ווערן — נייטראַל. ווער א,,
א, געוואָרן. סל. אומקומען בײַ אַ מגפֿה (
געניצט אין קללות). ,,א, זאָלט איר ווערן בּיז
איינעם, זשוליקעס!“.
אויסגעמאַרינירט — אַדי, פּאַר
אויסמאַרינירן ←. אויסגעזאַלצן און אויסגעווירצט.
א'ער הערינג, העכט; א'ע פֿיש. *א'ע מיידל
= אַן עלטערע מיידל וואָס פּוצט זיך, פֿאַרבּט
זיך אויסצוזען ייִנגער.

אויסגעמאַרינירטקייט

אויסגעמאַרינירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעמאַרינירט. אַ זיס־זויערע א'.
אויסגעמאַרכ(עווע)ט אַדי, פּאַר
אויסמאַרכ(עווע)ן ←. וואָס מאַרך פֿעטס, איז פֿון
,

דעם אויסגעזויגן; אויסגעטריקנט,
אויסגעדאַרט. „איך — פֿון אויסגעמאַרכטן בײַן און
הויל...“, פּמ, סתּס. „שטאַרק געעלטערט און
אויסגעמאַרכעוועט, מיט וואונד־פֿלייש אַרום די
...אויגן“, בערג, בײַם דניעפּער II. „
פֿאַרמאַטערטע, א'ע, דערנידעריקטע און פֿאַראַכטעטע“,
ייִל. „איז נעבעך אויסגעדייוועט, א', בלויז
הויט און ביין“, הר, ליים.
אויסגעמאָרעט — אַדי, פּאַר אויסמאָרען
(זיך) ←. 1. אומגעבראַכט (דערעיקר וועגן
בהמות, אינזעקטן). א'ע פֿערד וואַלגערן זיך אויף
די גאַסן. א'ע פּרײַסלעך. 2. אויסגעהונגערט,
אויסגעדאַרט; אויסגעמוטשעט,
אויסגעהאָרעוועט. „אַ מעוברתע ייִדענע, בלייך ווי קאַלך
און
א'“, קמ, 5 1865, No. „קומט צוריק אַן א'ע
מיט אַ פֿאַרברענטן פּנים, ווי פֿון אַ קוראָרט“,
בערג, 'יורדים'. „די קליאַטשעס...מיט א'ע זײַטן
און אָנגעבלאָזענע בײַכער, זײַנען געשטאַנען
מיט מרה־שחורהדיק אַראָפּגעלאָזטע קעפּ“, חג,
ישיב ▯.
אויסגעמאָרעטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמאָרעט.
א, זעט ער אויס ווי אַ שאָטן.

אויסגעמאָרעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעמאָרעט. אַן
א, וואָס גיט אַ צופּ בײַ דער נשמה.
אויסגעמאַרקירט — אַדי, פּאַר
אויסמאַרקירן ←. אָנגעצייכנט, אויסגעצייכנט;
אויסגערעכנט, אויסגעמאָסטן און אָנגעוויזן די
מאָס. א'ער וועג, פּלאַן. „זײַנע קינדער זײַנען
א'ע, מיט זומער־שפּרענקלעך און רויטע האָר“,
רייד.
אויסגעמבֿלען — טרוו. געמבֿל אויס, ~
געגעמבֿלט. אַמ. 1. אויסשפּילן, אויסגעווינען.
א אַ מאַיאָנטיק. 2. ריזיקירן מיט עפּעס,
אײַנשטעלן אין קאָן. וואָס קען ער דאָ א'?
אויסגעמוהט — [...מויאַכט, מויעכט] אַדי,
פּאַר אויסמוחן ←. אויסגעקליגלט,
אויסגעטראַכט, מיט אָנשטרענגונג צוגעקלערט. א'ער
תּירוץ; א'ע בילדער.
אויסגעמוהטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער רעזולטאַט פֿון זײַן
אויסגעמוחט. אַ שפּיציקע א'.
אויסגעמוטשעט — אַדי, פּאַר אויסמוטשען
(זיך) ←. 1. אויסגעמאַטערט, אויסגעהאָרעוועט;
אָפּגעשוואַכט. „אַרײַן אין דער אכסניה, מיד

און א, פֿון דער נסיעה“, ממוס, שטורעמצײַט.
„שוואַך, שוואַך, א, נעבעך פֿון חדר פֿון דער
,
גמרא“, שע, 'דאָס טעפּל'. 2. אויסגעפּײַניקט.
אַרויס פֿון תּפֿיסה אַן א'ער. „א', קראַנק, זיך
קוים געהאַלטן אויף די פֿיס“, ממוס, 'צוריק
אַהיים,.
אויסגעמוטשעטערהייט — אדוו. ווען
מען איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעמוטשעט. קומען צוריק א,.
אויסגעמוטשעטקייט — די (דאָס), ־ן.

186

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעמוטשעט. אַן א', אַן אויסגעפּײַניקטקייט.
אויסגעמוילט — אַדי, פּאַר אויסמוילן ←.
נעאָל. אַרויסגעזאָגט. „א'ע מחשבֿות“, מאַטעס
ד ▯ .טש.
אויסגעמוליעט — אַדי, פּאַר אויסמוליען.
1. צעריבן, צעריסן, צעקרישלט; שוואַך. „
פֿעדעמלעך וואָס שלעפּן זיך פֿון א'ע הויזן„,
אר, ,שטילע טריט'. „די ליפּ — ווי אַן א'ע און
לעכערדיקע זיפּ“, הר, פֿאַרנאַכט. „[דעם] מאַנס

אַלטע פּאָפּיציעס מיט א'ע זאַדניקעס", ייִל, ניט טויט ניט לעבעדיק, ווילנע תּרנ,,ח. 2. אויסגעווייקט אין מולינעס, זייפּוואַסער.

אויסגעמולירט — אַדי, פּאַר אויסמולירן. אויסגענאַרט, אַרויסגעקראָגן ווי אַ מולירער, שווינדלער. א'ע געלט.

אויסגעמוסרט — [...מו'סערט] אַדי, פּאַר אויסמוסרן ←. וואָס מע האָט אים פֿירגעהאַלטן, אויסגערעדט, געזאָגט שטראָפֿרייד. דער א'ער בחור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ,,א, איז ווי אויסגעפּאַטשט", שוו.

-

אויסגעמוסתט — [...מוי'פֿעסט] אַדי, פּאַר אויסמופֿתן. 1. וואָס קומט ווי אַ וואונדער, אַ מופֿת פֿון אַ צדיק, גוטן־ייִד. א'ע היילונג. 2. וואָס קען שוין קיין וואונדער, קיין מופֿת, ניט וויַזן. אָפּגעשוואַכט, אויסגעשפּילט. ,,דער גוטער־ייִד צו ווען זי איז געפֿאָרן — אַליין אַ קראַנקער, אַ גראָווער פֿאַר דער ציַיט, אַן א'ער און בלאַסער...", בערג, ביַים דניעפּער I.

אויסגעמושטירטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין אויסגעמושטירט. אַ פֿעלדפֿעבלשע א'.

אויסגעמושט(ר)ירט — אַדי, פּאַר
אויסמושט(ר)ירן ←. אויסגעלערנט ווי אַ זעלנער;
אויסדיסציפּלינירט. א'ע קינדער.
אויסגעמזיקט — [...מאַ'זיקט] אַדי, פּאַר
אויסמזיקן ←. 1. אויסגעבראָכן, אויסגעשלאָגן.
א'ע כּלים, א'ע קינדער. 2. וואָס איז
געוואָרן ווילד, פֿירט זיך אויף ווי אַ יונגאַטש.
אַן א'ער יונג.
אויסגעמידט — אדי, פּאַר אויסמידן (זיך) ←.
וואָס איז שטאַרק מיד; אויסגעמאַטערט. „זי
איז שוין אַזוי א, אַז זי האָט זיך געמוזט
צוזעצן אויף אַ בענקל“, שע. “דאָס גאָלדן
גרין פֿון זון־באַשטראַלטן פֿעלד דערפֿרישט
מײַן בליק, פֿון שטאָט־רויש א“, לאַפּין,
ציוכנ□.
אויסגעמידן — אדי, פּאַר אויסמײַדן ←.
~געמידענער. פּפֿ: ~געמײַדט.
פֿאַרבײַגעגאַנגען, דורכגעלאָזן; אויסגעווײַכט. אַן א'ע
ס□ננה.
אויסגעמיהושט — [...מיי'כעשט] אדי, פּאַר
אויסמיחושן ←. אויסגעקרענקט, אָפּגעשוואַכט
פֿון פֿאַרשיידענע שלאַפֿקייטן. אַן אַלטער א'ער
י□ך.

אויסגעמיט — פאָר אויסמיִען (זיך) ←.
אויסגעמיטן — דזוו אויסגעמידן.
אויסגעמיטעט — פאַר אויסמיטען ←.
אויסגעמײַדט —־ אדי, פאַר אויסמײַדן ←.
דזוו אויסגעמידן ←.
אויסגעמײַסטערט — אדי, פאַר
אויסמײַסטערן ←. אויסגעאַרבעט אויף אַן אופֿן פֿון

אויסגעמישערײַ

אַ מײַסטער. א'ע פּיסלעך פֿון שטולן. עס איז ניט אויפֿגעגנייט, ס'איז א'. „און ווען דער גאָט, די נימף, דער העלד שטייט פּרעכטיק א, — ווער זוכט דעם מקור וועלכער האָט דעם סקולפּטאָרס ווערק באַגײַסטערט?“, יהואָש, בלומען און דערנער.
אויסגעמייקעט — אַדי, פאַר אויסמייקע(נע)ן (זיך) ←. אויסגעמקיאט, אויסגעבראָכן; אַרויסגעבראַכט מיט שווערקייט און אויף אַ שלעכטן אופֿן. א'ע רייד. האָבן פֿאַרגעניגן ווי פֿון אַן א'ן טשאָלנט.
אויסגעמילדערט — אַדי, פאַר אויסמילדערן (זיך) ←. וואָס איז געמאַכט מילדער, ווייכער, צאַרטער. אַן א'ער אויף דער עלטער.

אויסגעמילדערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעמילדערט. אַן א, פֿון פֿירונגען און מנהגים.
אויסגעמינצט — אַדי, פּאָר אויסמינצן ←.
אויסגעקלאַפּט, אויסגעשלאָגן, אויסגעשטאַמפּט.
א'ע מטבֿע, א'ער זשעטאָן.
אויסגעמיסטיקט — אַדי, פּאַר
אויסמיסטיקן ←. 1. וואָס איז באַדעקט מיט מיסט ווי אַ
מיטל צו פֿערטיליזירן. א'ע פֿעלדער. 2. וואָס
איז פֿאַרוואָרפֿן, צונויפֿגעמישט מיט מיסט,
אָפּפֿאַל. א'ע געדאַנקען, רייד; א, לעבן.
אויסגעמיש — דער (דאָס), ־ן. צונויפֿמיש,
פֿאַרשיידנדיק געמיש; אויסמיש. "אַ לאַבירינט
פֿון רערן, רעלסן, רעדער, קייטן און
מאַשינען; אַן א, פֿון נאַכט און פֿײַער", יהואָש,
'די אײַזנשטאָט'.
אויסגעמישט — אַדי, פּאַר אויסמישן (זיך) ←.
1. צונויפֿגעמישט, צונויפֿגעגאָסן,
צונויפגעשאָטן, צונויפֿגעדרייט. „אזו וויא דער חלום
קומט אָן אויס גמישט פֿין פֿיל זאכין
— אזו דאָס קול פֿון אנאר מיט אסך
גריידרייא", מס, קהלת, תּקע"ט, ה, 2. „נײַן מאָס
רייד, א, אינאײנעם גראַם־שטראַם, קובעבע־
לאַקריצע, גויאישע ווערטלעך מיט להבֿדיל

שטיקלעך גמרא“, ממוס, 'גלגולים'. „...אַ קנאה צו די שטיינער וואָס ליגן א, מיט קדושים־בּיינער“, אַל ▯ II, 'רבּי עקיבֿא'. 2. וואָס באַשטייט פֿון סתּירהדיקע עלעמענטן. א, פֿון האָניק מיט גאַל. “ער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם מלאך וואָס ער איז א, פֿון פֿײַער און וואַסער“, מחזור מן שלש רגלים, בּ, טשערנאָוויץ, תּר“ח. „אָפּטמאָל ליגט ער זיך אין היץ פֿאַרטראַכט, א, בּײַ אים איז טאָג און נאַכט“, ממוס, יודל. „עס פֿילט זיך אי צער אי תּענוג, האַרצוויי און גליק — אַלץ א'“, פּרץ, דןסידיש.

אויסגעמישטערהייט — אדוו. ווען עס איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמישט. איך קען עס ניט דערקענען א'.

אויסגעמישטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעמישט. אַן א, פֿון פֿאַרבּן.

אויסגעמישערײַ — דאָס & די, ־ען. געדויערדיק(ער) אויסגעמיש; טואונג, רעזולטאַט פֿון אויסמישן. “עס האָט זיך אָנגעהויבּן אַן א, און אַ געדרייערײַ פֿון הענט איבער קעפּ און קעפּ איבער הענט“, ווײַס, אַ שטעטל.

אויסגעמלאכהט — [...מעלאָ'כעט] אַדי, פּאַר
אויסמלאכה(נע)ן. 1. אויסגעאַרבעט אויף אַן
אופֿן פֿון אַ גוטן בעל־מלאָכה;
אויסגעמײַסטערט. אַן א, שטיק מעבל; אַן אויסגעטאָקטע,
שיין א'ע גאַלקע פֿון אַ שטעקן. 2. שלעכט,
פּאַרטאַטשיש אויסגעאַרבעט; אויסגעפּושערט.
„דעם א'ן טיש דאַרף מען צעהאַקן און
אויסהייצן מיט דעם די פּעטשערע“. 3.
אויסגעקינצלט, אויסגעקליגלט, אומנאַטירלעך. א'ע
פּערזן. 4. במקום פּאַר אַ צאָל ניט־
אָנשטענדיקע ווערטער, וואול. ניט קיין אויסגעקאָכטע,
נאָר אַן א'ע קאַשע.
אויסגעמלאכהטקייט — די (דאָס). מצ נב.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעמלאכהט. עס שמעקט מיט א, פֿון אַזאַ מין
ליד.
אויסגעמסהרט — [...מיסכערט] אַדי, פּאַר
אויסמסחרן (זיך) ←. 1. געקויפֿט אָדער
פֿאַרקויפֿט געראָטן אָדער אומגעראָטן (אָפֿט
איר בײַטעם). דער א'ער וואַלד, א'ע תּבֿואה.
2. וואָס האָט אויפֿגעהערט (קען ניט מער)
זיך פֿאַרנעמען מיט מסחר. דער

באַנקראָטירטער און דער א'ער בעל־גאווה.

אויסגעמעבלט, ~מעבלירט — אַדי, פּאַר
אויסמעבלען, ~מעבלירן ←. וואָס מע האָט
אין דעם אַרײַנגעשטעלט דאָס (נייטיקע,
פּאַסיקע) מעבל. „אַ שיין טײַער הויז, גראַפֿסקע
א'“, ייִפֿאָל, 1887, No 18. „דער חדר איז א,
מיט בענקלעך“, ממוס, מסעות. אַן אויס(גע)־
מעבלירטע דירה. „באַזוכט זיי אָפֿט אין זייער
ריינער, שיין אויסגעמעבלירטער וואוינונג“,
מוק, באַגעגענישן I.

אויסגעמעכטיקט — אַדי, פּאָר
אויסמעכטיקן← פֿטמ. דעלעגירט, באַפֿולמעכטיקט. מיר
זײַנען די א'ע פֿון אונדזער פֿאַראיין.

אויסגעמעלט — אדי. 1. אויסגעשמירט,
פֿאַרשאָטן מיט מעל. פֿאַרמעליקט. אַן א,
—
פּנים. א'ע מלבושים. 2. דזוו אויסגעמאָלט,
אויסגעמאָלן. א'ע צאַצקעלעך.

אויסגעמענטשט — אַדי, פּאַר
אויסמענטשן ←. 1. דזוו אויסגעמענטשלט. 2. געוואָרן
אויס מענטש. נעאָל. „...נישט צו חוזקן פֿון
יענע ייִדן, די אומבאַהאָלפֿענע, א'ע, וואָס
זײַנען געפֿירט געוואָרן צום אומקום“, הל, טאָג,

.I 1955 ▯ 25

אויסגעמענטשלט — אַדי, פֿאַר
אויסמענטשלען (זיך) ←. וואָס איז געוואָרן (מע
האָט אים געמאַכט) פֿאַר אַ מענטש מיט בעסערע
פֿירונגען, פֿאַר אַ לײַט; אויסגעשולט,
אויסגעבילדעט. א'ער דאָרפֿסיונג.
אויהגעמענטשלטערהייט — אדוו. ווען
עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעמענטשלט. א, איז ער נאָך רק אַ פּרא־אָדם.
אויסגעמענטשלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעמענטשלט. וואָס עס פֿעלט נאָך צו אַזאַ א'!
אויסגעמעסיק — אדי. ארכ. [פֿאָר '
אויסמעסיקן,?]. אויסגעמאָסטן, אויסגערעכנט. "דער
בעלסעודה ובר־מצווה עצמו וויא די אנדרן לידיגן
קינדר זולין ניכט אין דעם מספר צעהן
גרע▯ כינט ווערדן. וואהל אבר אנדרי פֿרײַנט שאַפֿט
פסולי עדות אונטר אויביגן אויש גמעסיגן

צעהן פרשון מיט פֿר שטאַנדן זיין זולין,,,
'פּראָגער תקנות קעגן לוקסוס', תקכ"ז [ייִבל
.[I, 339

אויסגעמעקט — אַדי, פּאַר אויסמעקן ←.
1. אויסגעריבּן, מע זאָל ניט קענען דורכלייענען. א'ע שורות. 2. אָפּגעווישט, בּאַזײַטיקט, פֿאַרגעסן. א'ע חובֿות. זכרונות פֿאַר. „
געסן איז דער עבֿר שוין, זײַן זכר א'“, יהואָש, 'דער ליכט־כאָר'.
אויסגעמעקט ווערן — פּאַס. ווער א', א, געוואָרן. ← אויסמעקן (בּאַזונדער אָפּט געניצט בּשײַכות מיטן בּאַגריף ספֿר החיים. < ימח שמו). א, ווערן פֿון ספֿר החיים. אין קללות: א, זאָל ווערן זײַן נאָמען! „[די זינד] ווערט אַלע צײַט געמינערט און ווערט קלענער, בּיז זי ווערט א, אויס דעם ספֿר פֿון זײַנע זינד“, חה, בּ, 137. „ווער ווייס, צי ס'ליגט נישט [דאָס יחוס־בּריוועלע] ערגעץ דאָרט מיט זאַמד און שטויבּ בּאַדעקט. צי זײַנען מײַנע אָבֿות נישט געוואָרן א'“, אול, דער בּאָבּעס אוצר.
אויסגעמעקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעמעקט. איך קען עס דורכלייענען אַפֿילו א'.
אויסגעמעקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ (אָדער רעזולטאַט) פֿון זײַן אויסגעמעקט. רעסטאַוורירן די א'ן פֿון אַלטן

מאַנדסקריפּט.

אויסגעמערגלט — אַדי, פּאָר

אויסמערגלען ←. אויסגעצערט, אויסגעדאַרט. ,,אירע בלייכע, א'ע, דאַרע הענט זענען געלעגן צונויפגעלייגט אויף דער קאָלדרע“, קמ, 1864, No 17.

אויסגעמקיאַט — ← אויסגעמייקעט.

אויסגעמקלט — [...מאַקלט] אַדי, פּאַר

אויסמקלען ←. אויסגעקלאַפּט, אויסגעשלאָגן מיט אַ שטעקן. א'ע ביינער.

אויסגעמשכונט — [...מאַשקנט] אַדי, פּאַר

אויסמשכּונען ←. וואָס מע נעמט (אַלץ) ביַי עמעצן צו וו אַ משכּון, וואָס מע פֿאַרקויפֿט

פֿאַר אַ חובֿ. א'ע פּאָליצעס מיט סחורה. ער איז א בדלות־געשטעלטער, אַן א'ער.

אויסגענאָגט — אדי, פּאָר אויסנאָגן.

אויסגעזויגן; אויסגעגריזשעט; אַרויסגעצויגן פֿליסיקייט (מאַרך, כּוחות). א'ע ביינער. אַן אויסגעמאַטערטער, א'ער פֿון שווערער פּראַצע. “מיט אַ פּנים פֿון אַן א'ן טייטל“, הר

פֿאַר,

נאַכט.

אויסגעגאָגטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער רעזולטאַט פֿון זײַן אויסגעגאָגט. א, פֿון אַלע כּוחות. ניט סתּם אַ בענקשאַפֿט, נאָר אַ מין א, און אויסגעליידיקטקייט.
אויסגענאָסן — פּאָר אויסניסן (זיך) ←.
אויסגענאַרט — אדי, פּאָר אויסנאַרן ←.
*א, געלט = וואָס מע האָט באַקומען אויף אַן אומערלעכן אופֿן. „...איז דאָס דאָס געלט וואָס דער ר, ישׂראל האָט זײַן אייגנס — א, געלט...פֿע!“, יא, גענאַרטע וועלט.
אויסגענאַרן — טרוו. גענאַר אויס, ~ גענאַרט. פֿטמ. דזוו אויסנאַרן, נאָר עמפֿאַטישער.
אויסגענאַרניק — דער, ־עס. ווג ־ניצע, ־ס. אויסנאַרער, גענאַרניק; ווער עס פֿאַרבלענדט,

אויסגענומען

־ ▯

פֿאַרפֿירט. “זיי זענען די א'עס, די קונצנמאַכער, די שטריקגייער“, ייִט.
אויסגענאַשער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
פּר. פֿטמ. דזוו אויסנאַשער, נאָר עמפֿאַטישער.

-

אויסגענבואהט — [...נעוואו'עט] אַדי, פּאַר
אויסנבואהן פֿאָרויסגעזאָגט בנבֿואה (איר

.

בײַטעם). א'ע אומגליקן.

אויסגענג — די, מצ פֿון אויסגאַנג ←. מ t
פֿאַרטײַטשט 'את מוצאיהם למסעיהם, (במדבר,
לג, 2) „איר אויז גענג" [תּי:
אַרויסגאַנגען].

אויסגענדזלען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
־לט זיך אויס, זיך ~געגענדזלט. לר.
פֿאַרוועלן זיך, אויסוועלן זיך; באַגערן עפּעס גוטס,
פֿעטס, געשמאַקס. „וואָס עס חלומט זיך אים,
וואָס עס גענדזלט זיך אים אויס!"; „אַ קהלשע
וועטשערע גענדזלט זיך אים אויס".

אויסגענהרגט — [...נע'(הע)רעקט] אַדי, פּאַר
אויסנהרגן. 1. שטאַרק צעשלאָגן. א'ע
שיכּורים. 2. אויסגעהרגעט. א'ע קרבּנות.

אויסגענהרגט ווערן — פּאַס. ווער א', א,
געוואָרן. ← אויסנהרגן. ווערט געניצט אָפֿטער
וו אַקטיוו. אין קללות. א, זאָלן זיי ווערן!
,

אויסגענומען — אַדי, פּאָר אויסנעמען ←.

~גענומענער. אויך: ~גענעמען, פּר.
1. וואָס איז אָפּגערעדט, באַוואָרנט, בפּירוש אָפּגעמאַכט. א'ע תּנאָים. ס'איז בײַ אונדז א, אַז... 2. וואָס איז געשטעלט באַזונדער, אויסערגעוויינטלעך; וואָס איז אַ מין יוצא־מן־הכּלל. אין א'ע פֿאַלן. „מײַן הער האָט מיר זײַן גאַנצש הויז אונטר קומאנדי גישטעלט אבּר דיא גנעדיגי פֿרויא אויז גינומן גימעלט“, 'מכירת יוסף', פּפּמ, 1713 [אַווע II]. „[זיי] זײַנען א, פֿונעם כּלל בעלי־מלאָכות אין שטעטל“, ממוס, שלמה. „און פֿײַפֿן פֿײַפֿט ער גראָד א, וואויל“, פּרץ, 'גלגול פֿון אַ ניגון'. „ער איז געווען א, קלוג“, ליאָנדאָר, 1844. “...איז אויך דערבײַ אַן א'ער קלוגער“, מסדר אגרת, תּקפּ“ה.
3. פֿטמ. וואָס האָט געהאַט דערפֿאָלג, געפֿונען חן אין די אויגן פֿון עולם. אַן א'ע שׂמחה.
4. פֿטמ. חתונה־געהאַטע. „ער האָט דרײַ א'ע טעכטער און נאָר די מיזינקע איז אין שטוב“.
אויסגענומען — פֿארבינדוואָרט (פּרעפּ & קאָנ). אויך ~גענעמען. אַחוץ, מחוץ, ניט גערעכנט. “...אויז גינומן ווען איין פּריץ איינן לאדיט אונ, מן קענט דאז משפּט ניט דוחה זיין אויף דיא טעג המוגבלים“, תּקק. „וואַש דא אָסור איז אם שבת איז אַך אָסור אם יום־טובֿ,

אויש גינומן אלש וויש אַן טרעפּט עשן שפּײַז
מג מן וואול אם יום־טובֿ טון“, לט 1, כא/א.
„אַל דיא זאַכן דיא דו טושט פּר קופֿן קאנשטו
חרטה האבֿן, אויש גינומן ווייך“, עיון, 1/41.
„...איינש מאנש ריד [=רייד] איז איין
האַלבּי ריד, אויז גינומן מאַן הערט זיא בּיד
[= בּיידע]“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. „
אַלדינג איז בּײַ גאָט אין די הענט, א, פֿון
יראת־שמים“, חה, בֿ, 48. „ר, מאיר זאָגט:
אַלע הייסן ווילדעביימער, א, [פֿאַרטײַטשט:
'חוץ מן'] אַן איילבּוים און אַ פֿײַגנבּוים„,
זרעים, מה/1. “...א, פֿאַרשטייט זיך די עטלעכע
זומערדיקע ירידלעך...“, ממוס, שלמה. „אין
שול דאַוונען, ווי דער שטייגער איז, סאַמע

אויס(גע)נומערירט

פּראָסטאַקעס, בּעלי־מלאָכות, א, שנײַדער וואָס
האָבּן אַ באַזונדערן מנין„, פּרץ, 'די טויטע
שטאָט'. [כמעט פֿאַרגעסן אין הײַנטצײַטיקן
לשון].
אויס(גע)נומערירט — אַדי, פּאַר
אויסנומערירן ←. „...אין צוויי א'ע פּרוביר־גלעזלעך“,
יאַכ.

אויסגענוץ — דער. מצ נבֿ. פֿטמ. אויסנוץ; עקספּלואַטאַציע. „אַמאָליקע צײַטן פֿלעגט מען לערן־ייִנגלעך גאָרניט צאָלן. איז דאָס געווען אַן א,!“, רייד.

אויסגענוצט — אַדי, פּאַר אויסנוצן ←. פֿרגל: אויסגעניצט. 1. וואָס מע האָט פֿון דעם אַרויסגעקריגן נוצן; עקספּלואַטירט. א'ע סיטואַציע, א'ע אַרבעט. 2. וואָס [] ע האָט פֿאַרניצט (און עס איז מער ניטאָ), וואָס מע קען פֿון דעם קיין נוצן מער ניט האָבן. א'ע פּראָדוקטן; אַן א'ער, אַן אָפּגעריבענער.

אויסגעניאָרעט — אַדי, פּאַר אויסניאָרען ←. 1 פֿאַרשמירט פֿאַרברודיקט. אַן א, פּנים,
[] ,
קליידל. „אַן א, פּנימל אין סאַזשע מיט בלאָטע, אַ פֿול מײַלעכל מיט סמאַרק און סלינע“, ייִל, פּוילישע ייִנגל. 2. אויסגעמאָגערט. אַן א, פּנים, אַן א'ער אַרעסטאַנט.

אויסגעניגונט — [...ניגנט] אַדי, פּאַר אויסניגונען ←. אַרויסגעבראַכט אין (מיט) אַ ניגון. א'ע רייד, אַן א, לערנען.

אויסגעניגונטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעניגנט. „ געווען אַ באַזונדערע א, פֿון וואַרשעווער לשון,,,

רייד.

אויסגעניי — דער (דאָס), ־ען. 1. אויסניי, אויסנייאונג. רעזולטאַט פֿון אויסנייען. אַ שיינער א'. 2. באַפּוצונג, געמאַכט דורך אויסנייען. אַן א, בײַ די ראַנדן פֿון טישטעך.

אויסגענייגט — אַדי, פּאַר אויסנייגן ←.

אויסגעבױגן, אײַנגעבױגן. דער א'ער טורעם פֿון פּיזאַ.

אויסגענייגטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגענייגט. אַן א, אויף 23 גראַד.

אויסגענייט — אַדי, פּאַר אויסנייען ←. 1. אָנגענייט; פֿאַרענדיקט נייען. דער באַרג א'ע קליידלעך. 2. אויסגעהאַפֿט; אויסגעפּוצט מיט עפּעס וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אויסנייען (באַנייען, צונייען). „דער יהודי האָט איין... העמד מיט קרייזליך אויז גינייט“, שו"ת פּני יהושע, אמשט 1715. „אַ העמדל מיט בלאָע און רויטע א'ע קווייטן„, ממוס, „צוריק אַהיים„. „מײַן מומע מיט די ברילױאַנטן אין די אויערן, מיטן קעלנערל, א, מיט פּערל“, פּרץ, זכרונות. 3. באַנייט; וואָס האָט אַלע נייטיקע מלבושים. „אויסגעקליידט און א, איז ער ווי אַ מאָנאַרכע, מיט געלע שיך“, זש, ממזר.

אויסגענייטיקן זיך — אוטוו. ־יק זיך אויס, זיך ~גענייטיקט. שטאַרק נייטיקן זיך (אין אַ צאָל זאַכן). זיך א, אין געלט און אין געזדנט.
אויסגענייטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגענייט. א, וועט די בלוזקע אויסזען גאַנץ אַנדערש.
אויסגעניכטערט —־ אַדי, פּאַר אויסניכטערן

188

(זיך) ←. 1. וואָס איז מער ניט שיכּור, געוואָרן (געמאַכט) ניכטער. „אָנגעשיכּורט פֿון צרות, א, פֿון טרערן“ פֿוול. נאָך פֿון נעכטן

,

ניט א'. 2. וואָס האָט אײַנגעזען פֿריִערדיקע פֿאַרפֿירענישן, אָפּדאַכטענישן; וואָס איז געוואָרן פֿרײַ פֿון אַ לײַדנשאַפֿט, אַ גלייבונג. אַן א'ער, האָט ער דערזען אירע חסרונות.
אויסגעניכטערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעניכטערט. די א, קומט ניט אַזוי גיך נאָך אַזאַ פֿאַרבלענדעניש.
אויסגעניסז — טרוו. געניס אויס, ~גענאָסן.

אינגאַנצן, ביז סוף גענדיקן. "...צו באַשיצן... אונדזער טײַערן אוצר, אונדזער ליבע, פֿונעם אָנגענומענעם מנהג אויסצוגעניסן איינער דעם אַנדערן,,, אַש, גאָטס געפֿאַנגענע.
אויסגעניצט — אַדי, פֿאַר אויסניצן ←. פֿרגל אויסגענוצט. 1. וואָס מע האָט פֿאַרניצט (און עס איז מער ניטאָ). א'ער מאַטעריאַל, א'ע סחורה. 2. וואָס מע האָט גענוצט פֿאַר עפּעס אַ צוועק. א'ער מקור; א'ע פֿאַרזאַמלונג, א'ע באקאַנטשאַפֿטן. *א'ע = וואול פֿרוי וואָס מע

—— ▯

האָט מיט איר סעקסועל פֿאַרקערט.
אויסגעניצטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעניצט. א, און אויסגעוואַשענערהייט זעט דאָס קליידל ווידער אויס ווי נײַ.
אויסגעניקערט ווערן — פֿאַס. ווער א', א, געוואָרן. ← אויסגענעקערט. < נעקר. 1. אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל. אָפֿט אין קללות. ,,אוי, א, זאָל ער מיר ווערן, דער כל־בוניק!", לאַט, מישקע. 2. שטאַרק לײַדן, אַריבערטראָגן צרות, אַרומוואָגלען. ,,אַזוי בין איך א, געוואָרן ביז חנוכה"; ,,מעג איך אַפֿילו צעריסן ווערן וויינענדיק, געהרגעט און געניזוקט

ווערן פֿאַלנדיק, א, ווערן הונגערנדיק און פֿרירנדיק“, ייִל.
אויסגענישטשטשעט — אַדי. רוסיצ.
פֿאַראָרעמט. „די מדינה איז דערונטער. די פֿינאַנצן זענען א,. מע דאַרף דעם ייִדנס לאַסקע“, קמ, 1870, No 18. „באַטראַכט אונדז, א'ע און דאַרע...“, אפֿא, יעקבֿס געצעלטן.
אויסגענישטשעט — אַדי, פּאַר
אויסנישטשען. סל. 1. שטאַרק פֿאַראָרעמט. „בײַ אונדזער יעצטיקער לאַגע, וואָס די פּרנסה איז ממילא געשלאָגן און ייִדן זענען צוזאַמענגעקוועטשט אין די עטלעכע אָרעמע, א'ע גובערניעס“, ייִפֿאָל, 2 .18 1886, No. אָפּגעטראָגן, אינגאַנצן אָפּגענוצט. אַן א'ער מלבוש. אַן א, פֿערדל.
אויסגענישטשעט ווערן — פּאַס. ווער א',
א, געוואָרן. ← אויסנישטשען. 1.
אויסגעמאַטערט ווערן, אויסגעניצט ווערן. א, ווערן פֿון דער אַרבעט. 2. אומגעבראַכט ווערן. אין קללות: זאָלסט א, ווערן אינאײנעם מיט אַלע מײַנע שׂונאים!
אויסגענכנעט — [...ניכנעט] אַדי, פּאַר
אויסנכנען ←. אויך: ~ניכנעט. אונטערטעניק (געמאַכט געוואָרן); דערדריקט, דערנידעריקט.

אַן א'ער פַאַר (צו) אַלע.
אויסגענעמען — דזוו אויסגענומען ←.
אויסגענענדזעט — אַדי, פּאַר

אויסנענאויסגעסאָרטעוועט

דזען. פּר. אויסגעדאַרט, אָפּגעשוואַכט;
אויסגעמאַטערט. „זע ווי זי איז בײַ דיר נעבעו
א, און אויסגעמוטשעט„.
אויסגענעפּלט — אַדי, פּאַר אויסנעפּלען ←.
1 פַאַרדעקט, פַאַרצויגן מיט אַ נעפּל. „איו
.
אייגענעם א'ן שווייס האָט זיך אײַנגעהילט די
ערד“, פּרץ, 'עס זענען קיין וואונדער געשען„.
2. געמאַכט אומקלאָר, אומפַאַרשטענדלעך.
עפּעס אַ בכּיוון א'ע דרשה.
אויסגענעפּלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפט אָדער מצבֿ פון זײַן אויסגענעפּלט. הימל
און ים גיסן זיך צונויף אין איין א'.
אויסגענעצן — ־עץ אויס, ~געגענעצט. אוטוו
— מיטאַמאָל אָנהייבן גענעצן. א, מיט אַ ברייטן
און הילכיקן גענעץ (אויד אַקוזוו: א, אַ גענעץ).
טרוו — מיט אַ גענעץ, אין פּראָצעס פון

גענעצן, עפּעס זאָגן, אויסדריקן. א, דעם אומעט און די לאַנגווײַליקייט. א, אַ פֿאַרשלאָפֿענעם יאָ.
אויסגענעצן זיך — אויטוו. ← דפֿוו. אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן גענעצן; גענעצן וויפֿל מע וויל (עס גלוסט זיך) און אויפֿהערן. אויסציִען די גלידער און זיך גוט א'. „באַלד בײַם שטעלן זיך אויף די פֿיס האָט ער זיך...אויסגעהוסט און אויסגעגענעצט, ווי איינער וואָס שטייט אויף פֿון שלאָף“, ממוס, 'שם און יפֿת'.
אויסגענעק(ע)רט ווערן — דזוו אויסגעניקערט ווערן ←.
אויסגענערט — אַדי, פּאַר אויסנערן (זיך) ←.
אויסגעשפּײַזט, אויסגעהאָדעוועט; אויסגעפֿיטערט. א'ע קעלבער. *אַן א'ער = אַ פֿעטער.
אויסגענערעט — דזוו אויסגעניאָרעט ב1 ←.
בעס, רומ.
אויסגעסאַזשעט — אַדי, פּאַר אויססאַזשען←.
אויסגעשמירט מיט סאַזשע, רוס; אויסגערוסט. אַן א'ע רעפּוטאַציע. „מײַן פּנים וועט זײַן א'“, נאַד.
אויסגעסאָכניעט — אַדי, פּאַר אויססאָכניען←. אויך: ~געסאָכעט. אויסגעטריקנט, אויסגעדאַרט. אַן א'ער שטעקן = לאַנגער און דאַרער. א, ווי אַ קאַלאַקוצקער האָן (לאָקל,

וורר). „...ווער איך אַ קראַנקע, אַן א'ע דערפֿון„,
ליאָנדאָר, 1887.
אויסגעסאָכניעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעטריקנטקייט. אויסגעדאַרטקייט.
אויסגעסאָלאָפּעט — אַדי, פּאַר
אויססאָלאָפּען ←. סל. 1. אַרויסגעשטעקט (וועגן צונג).
„דער פּראָסטער עולם איז נעבעך געשטאַנען
א, די צונגען און האָבן גאָרניט פֿאַרשטאַנען„,
יודישער פֿאַר־פּסח, 1881. 2. אויסגעגלאָצט,
אויסגעשטאַרצט (וועגן אויגן). „אַ בלייכער,
מיט א'ע אויגן און מיט אַ צעקרימטן שמייכל“,
ש. גאָדינער, איבז, צעמענט.
אויס(גע)סאָרטירט — אַדי, פּאַר
אויססאָרטירן ←. אויסגעטיילט לויט מינים, לויט
קוואַליטעט. א'ע פּירות, פּערל אאַזוו.
אויס(גע)סאָרטירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעסאָרטירט. אַ פּינקטלעכע א'.
אויסגעסאָרטעוועט — אַדי, פּאַר
אויססאָרטעווען ←. דזוו אויסגעסאָרטירט. „...זײַנען
בײַ אים תּמיד א, אין פֿולע קופֿערטן“, מ.
אָשעראָוויטש, צוק, 1961, II.

אויסגעסדרט

אויסגעסדרט — [...געסיידערט, לד;...
סאַדערט, פּד, אוקך]. אַדי, פּאַר אויססדרן ←.
אויסגעשטעלט, אײַנגעשטעלט אין אַ סדר,
אָרדענונג. א'ע סחורה, געדאַנקען. ,,...אויף דעם
באַרג וואָס דאָרט איז געווען א, דער אוצר פֿון
דעם מלך,,, נחב, ,מע ה מבעל־תּפֿילה'. ,,פֿעסער
מיט ווײַן...שורות[ווייַ] א, אין אַלע ווינקלען,,,
יעקבֿ מאָרגנשטערן, מע tה מתוקה מדבֿש, תּר״ע.
אויסגעסדרטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעסדרט.
אויסגעסוויטשעט — אַדי, פּאַר
אויססוויטשען ←. סל. אויפֿגעקלערט, אויסגעבילדעט;
אויסגעלײַטישט. ,,אָן תּורה, אָן חכמה, אָן
ווויסנשאַפֿט, ניט א', ניט אויסגעבילדעט דעם שׂכל,,,
שע, 'טייַבעלע'.
אויסגעסוטעט — אַדי, פּאַר אויססוטען ←.
1. אויסגעדעמפֿט, שטאַרק אײַנגעדעמפֿט. א,
פֿלייש. 2. אויסגעפּרִיעט, אויסגעפּרייעט;
דורכגעשוויצט. א'ע פֿיס.
אויסגעסוכאָטניעט, ־סוכאָטעט — אַדי.
סל. וואָס לײַדט פֿון שווינדזוכט;
אויסגעטריקנט, אויסגעדאַרט. ,,זאָג מיר נאָר:

פֿאַרוואָס איז זי אַזוי אויסגעסוכאָטעט?“, קמ, 100 ,,. 46 1869' No גראַם פֿלייש פֿון אַן אויסגעסוכאָטניעטער בהמה,,, צאַנין, פֿאָר, I 1954 .15

אויסגעסטאַרטשעט — אַדי, פּאַר אויססטאַרטשען. בולט אַרויסגעשטעלט. א'ע באָקעס, היפּטן. ,,אַוודאי וואָלט מען אָפּגעמאָסטן אים מיט די אויגן...ווי בײַ קעלבער א'“, מלה, 'זרחס טויט'. אויסגעבעטלט, ד, טשערנאָביל.

אויסגעסטײַעט — אַדי, פּאַר אויססטײַען. וואָס עס איז (קוים) געגנוג; וואָס קלעקט פֿאַר עפּעס, פֿאַר אַ געוויסער צאָל מענטשן. דאָס א'ע ברויט; א'ע פּראָוויאַנטן.

אויסגעסטראָיעט — אַדי, פּאַר אויססטראָיען ←. 1. אויסגעבויט. סל. ,,די גאַנצע שטאָט גאנדאר איז א, פֿון די פּאַלאַשן“, קמ, 1864, No 42. 2. אײַנגעאָרדנט, אויסגעשטעלט. אַן א'ער וואַרשטאַט, א'ע סחורה. אַ גוט א'ע שלאָסערײַ. 3. אויסגעפּוצט, אויסגעצאַצקעט. אַן א'ע איז זי אַוועק צום פֿאָטאָגראַפֿשטשיק. 4. אויסגעשטעלט מיליטעריש. די א'ע ראָטע.

אויסגעסטראָ(נ)צלט — אַדי, פּאַר אויססטראָ(נ)צלען ←. אויך: ~געסטראָצט. אויסגעפּוצט (אויף אַ שרײַאיקן אופֿן, מיט אַ

הוט, מיט צירונג אע). „צווישן די מאַזעפּעווקער
אויסגעסטראָצלטע, באַהאַנגענע מיידלעך און
אויסגעשלייערטע, אויסגעפּוצטע ווײַבלעך...“,
שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
אויסגעסטראָ(נ)צלטקייט — די (דאָס),
־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעסטראָ(נ)צלט. סאַראַ פֿעדערן אין הוט, סאַראַ א'!
אויסגעסלאַפּעט — אַדי, פּאַר
אויססלאַפּען. וורר. אויסגעשטרעקט, אַרויסגעשטעקט,
אַרויסגערוקט פֿאָרויס. „...וואַנדערן אַרום אין
די גאַסן פֿון ירושלים מיט אויסגעדאַרטע
פּנימער, מיט אויסגעשאַרצטע [=
אויסגעשטאַרצטע] אויגן און מיט אויסגעצויגענע
נעזער און מיט א'ע צינגער און פֿאַרביטערטע
הערצער“, קול קורא, שמש צדקה, , ירושלים
תּרמ„ז.

אויסגעסלינ(י)עט — אַדי, פּאַר
אויססלינ(י)ען ←. אַרויסגעגעבן, אויסגעדריקט,
אַרויסגעבראַכט צוזאַמען מיט שפּײַעכץ. א'ע עטלעכע
ווערטער. א'ע תּאווה.
אויסגעסמאָטשקעט — אַדי, פּאַר

אויססמאָטשקען ←. פּפֿ: ~געסמאָצקעט.
אויסגעזויגן; אויסגעקושט; וואָס פֿון דעם האָט
מען אַרויסבאַקומען די פֿולע מ
פֿאַרגעניגן (גראָבלעך). א'ע ביינער, ליפּן. אַ פּנים
ווי אַן א'ער שלח־מנות. „ביינדלעך פֿון פֿיש
און קעפּלעך פֿון הערינג, גאַנצע, נאָך ניט קיין
אויסגעסמאָצקעטע„, שע, ,ראַבטשיק,.
אויסגעסמאַליעט — אַדי, פּאַר
אויססמאַליען ←. אויסגעברענט און געלאָזט סימנים
פֿון פֿאַרברענטקייט. פֿאַררייכערט;
אויסגעטשאַ
דעט. א'ע הון (נאָכן אָפּפֿליקן). א'ער הערינג.
„וואָס איז דאָס ביי דיר אַ צאַצקע אויפֿן רוקן?
עפּעס ווי אַן א, שטיק פֿעל סאַמע אין מיטן?“,
שע, ,ראַבטשיק'.
אויסגעסמאָקעט — אַדי, פּאַר
אויססמאָקען ←. אויססמאָטשקען ←. „אַ שטיקל א'ע
ציטרין, אַ גלעזל טיי, אַ לעפֿעלע, אַ שאָלעכץ
פֿון אַן איי“, מאָל, פֿריידקע.
אויסגעסמאַרעוועט — אַדי, פּאַר
אויססמארעווען. מג. אויסגעשמירט פֿאַרשמירט
—
,
מיט אַ פֿעטער זאַך; אויסגעשמוצט,
אויסגעברודיקט. מיט אַן א, פּנים.

אויסגעסמאָרעט, ~געסמאַרקעט, ~
געסמאָרקעט — אַדי, פּאַר אויסמאָרען ←,
אאַזוו. אויסגעשמירט מיט פֿעטס, שפּײַעכץ,
שנײַצעכץ אע. א'ע קאַפּאָטע, א, היטל.
אויסגעסמיל(י)עוועט — אַדי, פּאַר
אויססמיל(י)עוען ←. אויסגעשמירט, אײַנגעשמירט,
אויסגעריבּן מיט עפּעס פֿעטס (וואַקס, אייל,
סמאָלע אאַ). „אַן א'ע זאַוועסע סקריפּעט
ניט און אַ פּריסטאַוו וואָס מע גיט אים אין
יד אַרײַן שרײַט ניט“, שוו. „די א'ע קלעצלעך
וואַרפֿן זיך אין אַלע זײַטן אויף די אַקסן,
סקריפּען, קוואָקען„, ממום, פֿישקע [דאָ =
אויסגעריבּן].
אויסגעסעכנ(י)עט — דזוו
אויסגעסאָכנ(י)עט. אויך: ~געסעכעט. אויסגעדאַרט,
אויסגעטריקנט. „דער בעל־עגלה...האָט
אונטערגעציאָקעט צו זײַנע צוויי אויסגעסעכעטע
פֿערד“, פּמ, איינס אויף איינס.
אויסגעסקאַליעט — אַדי, פּאַר
אויססקאַליען ←. אויסגעשטשירעט, אַרויסגעשטעלט
פֿאָרויס (גרויסע)ציין. „אַ פּרווו געטאָן די
שאַרפֿקייט פֿון די א'ע רײַסציינער“, זש, נח
פּאַנדרע.
אויסגעסקולפּטירט — אַדי, פּאַר

אויסקולפּטירן. געמאַכט (ווי) פֿון אַ סקולפּטאָר. א'ע אָרעמס. „...א, אין דעם גריכישן געזימס“, אַש.

אויסגעסקליאַרעוועט ▯ אַדי, פּאַר אויסקליאַרעווען (זיך) ←. וואָס שײַנט פֿון פֿעטס; וואָס איז געוואָרן דיק, פֿעט. אַן א'ע מאַדאַם. פֿון אַן אײַנגעדאַרט מיידל געוואָרן אַן א'ע ייִדענע.

אויסגעפּאַטשט — אַדי, פּאַר אויספּאַטשן ←. אָפּט סובֿ. 1. וואָס איז געפּאַטשט ביזן סוף, וואָס מע האָט עס פֿאַרענדיקט פּאַטשן;

אָנגעאויסגעפּאַרפֿ(י)ומירט

שלאָגן, אָפּגעשמיסן. אויסזען, שסיין, זיך פֿילן ווי אַן א'ע(ר). “קאַבּצאַנסקער ייִדן, אַז אָו און וויי צו זיי, האָבן טאַקע נעבעך אַ פּנים ווי די א'ע“, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח,. „...געקומען מיט פֿון ווינט און שניי א'ע באַקן„, אַש, תּהילים־ייִד. „פֿון ווינט און רעגן א'ע ווענט“, הר, מײַן ליכטיקע נסיעה. 2. באַליידיקט, אַראָפּגעריסן, דיסקרעדיטירט. ריידן מילדער ווענן א'ן קעגנער.

אויסגעפּאַטשטערהייט — אַדוו. ווען מען

איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּאַטשט.
„ווען שעמט זיך אַ גנבֿ? נאָר א'", פֿוול.
אויסגעפּאַטשקעט — אַדי, פּאַר
אויספּאַטשקען ←. אויסגעבֿרודיקט, אויסגעשמוציקט, אויסגעשמירט. א'ע הענט, קליידער אאַזוו.
אויסגעפּאַטשקעטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעפּאַטשקעט. „טו ניט אָן דאָס קליידל א', וואַש עס איבֿער!"..
אויסגעפּאַליעט — אַדי, פּאַר אויספּאַליען ←. שטאַרק אויסגעהייצט, אויסגעבֿרענט. אַן א'ער אויוון. בּאַקן, א, פֿון פֿראָסט.
אויסגע אַדי, פּאַר אויספּאָל(י)ען.
אויך: אויסגעיעט, אויסגעריסן (ווילדגראָזן).
אויסגעפּאָלסטערט — אַדי, פּאַר
אויספּאָלסטערן. 1. וואָס איז פֿריש בּאַצויגן מיט (נײַעם) שטאָף (ווענג מעבֿל); וואָס איז אויסגעווייכט מיט נײַעם מאַטעריאַל. אַן א'ע סאָפֿע.
2. וואָס איז פֿעט, דיק, שווערלײַבּיק. „פֿון וואַנעט האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ א'ע יִדענע?"., רייד.
אויסגעפּאַנצערט — אַדי, פּאַר אויספּאַנצערן.
אויסגעפּאַנצערטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּאַנצערט. אַן א, מיט אַלע נייטיקע ראַיות.
אויסגעפּאַסט — אַדי, פּאַר אויספּאַסן ←.
וואָס איז גוט צוגעפּאַסט צו דער פֿיגור. אַן
א'ער מאַנטל. *אַן א'ע טאַליע = אַן ענגע
טאַליע. ברייט א, = וואָס ליגט פֿרײַ; ענג א,
= וואָס ליגט שטײַף. "דער גוידער שײַנט
אַזש פֿאַר קלאָרקייט, די פֿיגור איז אינגאַנצן
ווי א', מאַסיוו", ווײַס I, 'אַ חתן ווערן,. ,,אַ זײַדן
קלייד, א, ביז דער טאַליע אַזוי ענג אַז אירע
בריסט שטייען אָפּ", דעמבלין, צוויי און אַ
דריטער.
אויסגעפּאַסטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אין אַ מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּאַסט.
א, האָט עס אַן אַנדער פּנים.
אויסגעפּאַסטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּאַסט. אַן
א אַז עס פֿאַרכאַפּט דאָס אויג.

'
אויסגעפּאָרט — אַדי, פּאַר אויספּאָרן ←.
1. אויסגעשטעלט אין פּאָרן. א'ע קינדער גייען
אויף אַ שפּאַציר. 2. גוט, געראָטן
צונויפֿגענומען זיך אין אַ פּאָר. אַ מחיה צו קוקן אויף
די א'ע בחורים און מיידלעך.

אויסגעפּאַרעט — אַדי, פּאַר אויספּאַרען (זיך).
דורכגענומען מיט פּאַרע; אויסגערייניקט מיט
פּאַרע. א'ע לייַבער. א'ע העמדער.
אויסגעפּאַרפֿ(י)ומירט — אַדי, פּאַר
אויספּאַרפֿ(י)ומירן. שטאַרק פּאַרפֿומירט. ,,

קאַפּיאויסגעפּאַשעוועט

טאַן פֿעלד...אַן א'ער, אָנגעטאָן אין אַ נײַעם
געפּאַסטן שינעל“, אָפּאַ, 'אַ דעזערטירער .
אויסגעפּאַשעוועט — ← דוווו. ,,מיט אַ גוט
א'ן בײַכל“, אמד, דער אידישער פּאָסלאַניק,
ווילנע 1880.
אויסגעפּאַשעט — אַדי, פּאַר אויספּאַשען
(זיך) ←. 1. גוט (וויפֿל נייטיק) געפּאַשעט.
טרייַבן אַהיים די א'ע בהמות. 2. פֿעט, גראָבֿ;
מיט אַ געזונטער מראה; אויסגעכאָוועט. אַן
א'ער בחורעץ. ,,מאַיאָנטקעס רוים אין ליכט
און ווינט א'ע“, פּמ, דעט בעל־גופֿס טויט.
אויסגעפּאַשעטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז שוין (אין אַ מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּאַשעט.
נאָכן זומער וועט איר קריגן אײַער קינד א'.
אויסגעפּאַשעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּאַשעט. ,,אַזאַ

פֿעטע און שמאַלציקע א'„ ייִט, פּוילן III.
אויסגעפּודערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּודערט.
עס וואַרפֿט זיך צו שטאַרק אין די אויגן די
א', די אָנגעשמירטקייט.
אויסגעפּויקט — אַדי, פּאַר אויספּויקן ←.
אַן א'ער מאַרש. א'ע רכילותן.
אויסגעפּויקלט — אַדי. 1. אויסגעבויגן,
אויסגעפּוקלט, אויסגעהויקערט. אַן א'ע ברעט;
אַן א'ער גוף מיט אַ טרעמבע. 2. דזוו
אויסגעפּײַקלט, אויסגעפּויקט.
אויסגעפּוישט — אַדי, פּאַר אויספּוישן
(זיך) ←. אויפֿגעבלאָזן, בולט אַרויסגעשטאַרצט;
מיט אַ גרויסן א'ן בויך. א, ווי אַן
איבערגעגעסענער פֿערד. אַן א'ע פֿלאַש.
אויסגעפּוּפֿלט — אדי, פּאַר 'אויספּופֿלען,
(נבֿ). אָנגעשטאָפּט, אָנגעפּראָפּט, אויסגעפֿילט.
„אַ ייִדענע פֿון בלוט און מילך...אַן א'ע, אַ
פֿוילע מיט אַ צוויי, דרײַ גוידערלעך אונטערן
געמבעלע„, י. פּערלע, ווידן פֿון אַ גאַנץ יאָר.
אויסגעפּוצט — אַדי, פּאַר אויספּוצן (זיך) ←.
1. וואָס איז געמאַכט ריין, וואָס שײַנט.
א'ע פֿענצטער. „שאַדע אים די א'ע שטיוול“,
אמד, רויזע פֿינקעל, ווילנע תּרל"ד. „אַלטע

לײַט, אין װײַכע, א'ע שיך, גײען דורך די זוניקע אַלײען״, מל, 'אין פּאַרק'. 2.
אָנגעטאָן אין נײַע, שײנע בגדים. א, װי אַ בן־מלך, בת־מלכּה, חתן־בּחור, כּלה, כּלה־מײדל, װי אַ כּלה אונטער דער חוּפּה, װי אַ (רײַכע) מחותּנתטע, װי אַ פּאַנפּאַראָנקע, װו אַ חװהלע
י
(חיהלע) צום גט, װי אַ פּרינץ, פּרינצעסין אאַ.
אַזאַ א'ער — כּאָטש לײג אים אין קאַסטן
.
אַרײַן, איר [הן אַ ליאַלקע, הן אַ מת (ניט־ייִד) לײגט מען אין אַ קאַסטן]. „דער מלמד, א, אין דער שבּתדיקער קאַפּאָטע״, ממום, שטורעמצײַט. „גײט זיך איבּער דער גאַס אַ װײַבּל, אָנגעטאָן בּגדי־שבּת ויום־טובֿ, אָדער װי מע זאָגט אין יענע קאַנטן — א, אין האָניק און אין עסיק״, פּרץ, 'אַ גלגול פֿון אַ ניגון'. „די בּערג שטײען א, אין העלע שנײען״, הל, 'בּאַלאַדע פֿון דענװער סאַניטאַריום'. א, װי פֿון נאָדל אַראָפּ (אַרױס). 3. אױסגעצירט, אױסדעקאָרירט; בּאַפּאָרבּן, בּאַהאַנגען מיט צירונג. „די לאַנגע, שײנע פֿינגער און אירע א'ע נעגל״, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. די א'ע פֿענצטער אין די קראָמען. ״הונדערט א'ע קעמלען,

קלינגענדיק מיט זילבער־גלעקלעך“, יהואָש,
,מלכת שבא'. זײַן א, ווי אַ טאָק, טעקעלע.
4. געגעבן אין אַן איבערגעטריבן גוטער
פֿאָרעם; אַרויסגעשטעלט נאָר פֿון דער גוטער
זײַט. אַן א'ער באַריכט, אַן א'ע דאַנק־
רעזאָלוציע. „מיר וועלן קענען אַרויסזען וואָס וואַר
און וואָס א, איז„, ארז, קמ, 36 1867, No.
אויסגעפּוצטערהייט — אַדוו. ווען מען איז
(אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּוצט. וועסט זי
ניט דערקענען א'.
אויסגעפּוצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּוצט. אַן א,
מיט (אָן) געשמאַק.
אויסגעפּוצקעט —, אַדי, פּאַר אויספּוצקען.
איר, שפּאָט־לשון = אויסגעפּוצט. „...יאַוועט
זיך פּלוצעם אָט די שפֿלה א, אין פּאָליש אַרײַן
און רופֿט מיך...“, ייִל, פּוילישע ייִנגל, 1895.
אויסגעפּוקלט — אַדי, פּאַר אויספּוקלען ←.
(קורלאַנד). אויסגעהויקערט, אַרויסגעשטאַרצט,
רעליעף.
אויסגעפּוקלטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּוקלט.

אויסגעפּורטעט — אַדי. לר. > ליט Purt□ti.
פֿון אינעווייניק אויסגעליידיקט, אויסגעטריקנט.
אַן א'ע אוגערקע. אַן א'ער רעטעך = אַ

.

פֿאַרדאָרבענער מענטש.

אויסגעפּײַנט — אַדי. נעאָל. אויסגעפּײַניקט, דורכגעלעבט אין פּײַן. „עס ליגט דײַן טויטער הײַנט...דײַן לעבן — א', פֿאַרזייט מיט קראַנקן [זאָמען]“, לאַפּין, פֿולער קרוג.

אויסגעפּײַניקט — אַדי, פּאַר אויספּײַניקן (זיך) ←. געשאַפֿן אין יסורים; איבערגעלעבט מיט יסורים. „ווערטער א'ע אין וויסטער מאַטער, אויסגעשענדיקטע...„, הל, 'לידער צו אַ ווײַטן פֿרײַנד'.

אויסגעפּײַניקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז, מען האָט שוין (אין אַ מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּײַניקט. קומען א, פֿון פֿאַרשיקונג.

אויסגעפּײַניקטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּײַניקט. „אין אירע קנייטשן אין פּנים איז געלעגן אַן א'“, ווײַס □I, 'זעלנער'.

אויסגעפּײַקלט — אַדי, פּאַר אויספּײַקלען ←.

אויסגעקלאַפּט (ווי) אויף אַ פּײַקל.

אויסגעפּיעשטשעט — אַדי, פּאַר אויספּיעשטשען ←. אויסגעקעכלט, פֿאַרצויגן, אויסגעבאַלעוועט; אויסגעצערטלט. א'ע קינדער; א'ער בן־יחיד.

אויסגעפּיעשטשעטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּיעשטשעט.

אויסגעפּיצלטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּיצלט (← אויספּיצלען).

אויסגעפּיקט — אַדי, פּאַר אויספּיקן (זיך) ←. 1. אַרויסגענומען מיט אַ שנאָבל, שאַרפֿן מכשיר; אויפֿגעגעסן מיט אַ שנאָבל. די א'ע קרישקעלעך ברויט. א'ע אויגן. 2. פֿריש אַרויסגעקומען (פֿון אַן איי פֿון אַ קנאָספּ).

,

„דער פֿרילינג האָט געשמעקט מיט בעז און מיט נאָר וואָס א'ע בלעטלעך פֿון טאָפּאָלן“, בערג, בײַס דניעפּער II.

אויסגעפּסקנט

אויסגעפּיקלט — אַדי, פּאַר אויספּיקלען ←.

א, פֿלייש.
אויסגעפּיקלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּיקלט
(← אויספּיקלען). ס'איז געשמאַקער א'.
אדיסגעפלאָגטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפלאָגט
(← אויספלאָגן, זיך). די א, לייגט זיך אויפֿן
פּנים.
אויסגעפּלאַנט — אַדי, פּאַר אויספּלאַנען.
אויסגעפּלאַנירט (ספּעצ וועגן אַ פּלאַן וואָס
ווערט געצייכנט, געשריבן). „און ער לויפֿט
אין זייער פֿריִער א'ן וועג צו יאָסעלען“, ווײַס
I, 'דער איבערגאַנג„.
אויסגעפּלאָנטע(ר)ט — אַדי, פּאַר
אויספּלאָנטען ←, אויספּלאָנטערן ←. 1.
אַרויסבאַפֿרײַט פֿון פּלאָנטער פֿאַרדרייעניש. א'ע
פֿע,
דעם. 2. צונויפֿגעמישט אין אַ פּלאָנטער. א'ע
רייד.
אויסגעפּלאָנטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּלאָנטערט. אַן א, פֿון ריכטיקע און פֿאַלשע
אידייען.
אויסגעפּלאַצט — אַדי, פּאַר אויספּלאַצן ←.

1. צעבּראָכן מיט אַ קנאַל; אויפֿגעריסן. א'ע גלעזער. 2. וואָס האָט מיטאַמאָל זיך אַרויסגעריסן. אַן א'ער געלעכטער.

אויסגעפּלאַקאַטירט — אַדי, פּאַר אויספּלאַקאַטירן ←. „די גאַסן זענען געווען א, מיט פֿאַרשיידענע פּאָרטרעטן,,, עדיסאָן, מײַנע פֿיר אָר אין סאָוועט־רומלאַנד.

□

אויסגעפּליכ(ע)ט — אַדי, פּאַר אויספּליכן זיך. וואָס איז געוואָרן פּליכיק, פּליכעוואַטע. „פֿאַרנאַכטן, אויסגעפּליכעט־זאַטע...“, פּמ, קופּע. פֿעלדזן אויסגעפּליכעטע...מיט

אָפּגעדעק□ „

טע שטערנס“, פּמ, וואָכנטעג.

אויסגעפּל(י)עקעט — אַדי, פּאַר אויספּל(י) עקען. גוט פֿעט אויסגעהאָדעוועט; אויסגע,

שטאָפּט. א'ע גענדז און ענדיקעס. אַן א'ע קו.

אויסגעפּלעט — אַדי, פּאַר אויספּלעטן ←.

1. וואָס מע קען געווינען אָדער האָט געוואונען אין לאָטעריי. אַן א'ער זייגער. 2. אויסגעפּרעסט. אַן א, העמד.

אויסגעפּלעטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּלעט. טו עס

ניט אָן ניט־א'.
אויסגעפּלפּולט — [...פּילפּלט] אַדי, פּאַר
אויספּלפּולן ←. וואָס קומט ווי אַ
רעזולטאַט פֿון אויספּלפּולן. בלויז אַן א'ע סבֿרה,
תּשובֿה; א'ע טעאָריע.
אויסגעפּלסולטקייט — [...פּילפּלטקייט] די
(דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסגעפּלפּולט.
אַן א', אַן אויסגעמוחטקייט.
אויסגעפּסלט — [...פּאַסלט] אדי, פּאַר
אויספּסלען ←. וואָס איז דערקלערט געוואָרן אַז
עס איז פּסול; אויסבראַקירט, ניט־צוגעפּאַסט.
א'ע עדות, א'ע סחורה.
אויסגעפּסלטקייט — [...פּאַסלטקייט] די
(דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּסלט. א, פֿון ניט־כּשרע מיטלען.
אויסגעפּסקנט, ~פּסקעט — [...פּאַסקנט,
פּאַסקעט] אַדי, פּאַר אויספּסקענען ←. וואָס

אויסגעפּסקנטקייט

ווען דעם איז שוין אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס
על־פּי דין, לויט הלכה, אויפֿן סמך פֿון אַן
אויטאָריטעט; וואָס דער ענטפֿער, דער
אורטייל איז שוין געגעבן. א'ע שאלות, ספֿקות.

□ויסגעפּסקנטקייט — [...פּאַסקנטקייט] די
(דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּסקנט. אַזאַ א, איז נאָך אונטער אַ
פֿרעגצייכן.
אויסגעפּעכט — אַדי, פּאַר אויספּעכן ←.
אויסגעשמירט מיט פּעך. „נושׂאים געקומען,
קיין רגע געוואַרט, מיט זעק א'ע די לײַבֿער
באַדעקט“, פּר□ו, בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק.
אויסגעפּעלצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּעלצט
□ אויספּעלצן). אַ ווינטערדיקע א'.
אויסגעפּעקלט — אַדי, פּאַר אויספּעקלען
(זיך) ←. אויסגעלייגט פֿון פּעקל;
אויסגעליידיקט, אַרויסגעגנבֿעט; אויסדערציילט מיט
באַרימערײַ. א'ע סחורה; א'ע קראָם; א'ע
ליגנס.
אויסגעפּערלט — אדי, פּאַר אויספּערלען ←.
וואָס איז קונציק געמאַכט (קומט אַרויס) אַזוי
ווי פּערל; אויסגעאַרבעט אויפֿן בעסטן אופֿן.
„יעדער ענין וואָס איז געקומען...אין מויל
איז אַרויס א'“, לדבֿ.
אויסגעפּעשטשעט — אַדי, פּאַר
אויספּעשטשען. אויך: ~פּעסטשעט. דזוו

אויסגעפּיעשטשעט. „ער מוז זיך אַרומטרײַבן מיט זיי, דאָס אויסגעפּעסטשעטע בחורל, ביזן סאַמע פּריזיוו“, זש, נח פּאַנדרע.

אויסגעפּעשטשעטקייט — די (דאָס), ־ן. דזוו אויסגעפּיעשטשעטקייט.

אויסגעפּראַוועט — אַדי, פּאַר אויספּראַווען ←. 1. אויספֿאַרריכט. די א'ע גרײַזן. 2. צוגעריכט, אויסגעשטאַט. די א'ע פֿאַר דער נסיעה. 3. אויסמושטירט; וואָס פֿירט זיך אויף אַ מיליטערישן שטייגער. אַן א'ער גאַנג. „[ער] האָט דאָך אויך איצט געהאַט עפּעס משרתדיקס און סאָלדאַטישעס סײַ אין פּנים, סײַ אין א'ן שטעל“, בערג, בײַם דניעפּער II.

אויסגעפּראַוועטקייט — די (דאָס), ־ן. אײַגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּראַוועט. אַן א, פֿון אַ זעלנער.

אויסגעפּראַלט — אַדי, פּאַר אויספּראַלן ←. וואָס קומט אַרויס מיט אַ קנאַק; שרײַאיק. א'ע לאָזונגען. „די וויצן זענען אַלע...נישט לאָגיש, אויסגעפּראַלט“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.

אויסגעפּראָסט (עט, עוועט) — אַדי, פּאָר אויספֿראָסט(ע, עווע)ן ←. וואָס איז געוואָרן ניט־פֿײַן, אומאיידל פֿון ווינט און רעגן א'ע

„ .

פנימער“, אַש.
אויסגעפּראַצעוועט — אַדי, פּאַר
אויספּראַצעווען (זיך) ←. אויסגעאַרבעט;
אויסגעהאָרעוועט, אויסגעמאַטערט; וואָס איז אַ
רעזולטאַט פֿון פּראַצע. אַן א'ער מאַיאָנטיק.
„...מיט רויטע צעפּאַדערטע און א'ע הענט“,
ייִט, פּוילן ▯. „אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע אַלמנה,
אַ בעקערין מיט א'ע פּלייצעס...“, הל, אַזוי ווי
,
דורכן שלאָף'. א'ע ג ע ל ט = וואָס מע
האָט אויף דעם שווער געהאָרעוועט. „ווען ער
קריגט פֿון דיר זײַן א, געלט, וואָלט ער דאָך
נאָך דאָנערשטיק געקויפֿט די חלות אויף

191

שבת„, מ. מאָרגנשטערן, עגל הזהב, וואַרשע.
אויסגעפּראַצעוועטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּראַצעוועט. די א, פֿון די הענט פֿון דער גאַנצער
,
געשטאַלט.
אויסגעפּרובירט — אַדי, פּאַר

אויספּרובירן ←. 1. דזוו אויסגעפּרוּווט. „און מיר...א'ע
מיט אַלץ, מיר שטייען פֿאַרשטומט“, הל,
אַנגסטן פֿון רחמים'. 2. אויסגעפּראָבירט
,

(← אויספּראָבירן).
אויסגעפּרובירטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין אַ מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּרובירט. אָנווענדן אַ מיטל ניט־א,.
אויסגעפּרובירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפּרובירט.
אויסגעפּרודעט (~געפּרודזיעט, ~
געפּרודזשעט) — אַדי, פּאַר אויספּרודען ←.
אויסגערייניקט מיט פּאַרע (פֿון לײַז פֿליי);
,
אויסגעפּאַרעט פֿריש אויסגעבּאַדן. „דער
אַל,
טער יאָס, אַן אויסגעפּרודזשעטער...
אַנטפּלעקנדיק די...ווײַסקייט פֿון פֿריש־געוואַשן העמד“,
הר, הרודעס.
אויסגעפּרווּוט — אַדי, פּאַר אויספּרוּוון ←.
1. וואָס איז געפּרוּווט ביזן סוף, אינגאַנצן;
אויסגעפֿאָרשט; וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ

נסיון, בײַגעקומען אַ שטרויכלונג. א'ע מיטלען, מעדיצין. „דער ייִד האָט מיטגעפֿירט מיט זיך פֿאַרשידענע א'ע רפֿואות פֿאַר פֿאַרשידענע קראַנקייטן“, אַש, תּהילים־ייִד. 2. אויפֿריכטיק, אמתדיק (ווײַל דורכגעגאַנגען פּרוּוואונגען). א'ע פֿרײַנדשאַפֿט.

אויסגעפּרוּווטערהייט — אדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּרוּווט. קומען א, פֿאַרן מלך.

אויסגעפּרוּווטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּרוּווט. אַן א, וואָס נייטיקט זיך פֿאָרט אין אַ קאָנטראָל.

אויסגעפּרײַכט — אַדי, פּאַר אויספּרײַכן ←. אַרויסגעזאָגט שווער אָטעמענדיק. „די א'ע ווערטער זײַנע האָבן שוין אויף קיין אויערן נישט אָנגעטראָפֿן“, שטריגלער, אינזלען אויף דער ערד.

אויסגעפּרײעט, ~געפּרײעט — אַדי, פּאַר אויספּרײען, ~פּריִען ←. 1. רויט, צעפֿלאַמט פֿון שווייס, היץ, פּאַרע. „די פּאות פֿײַכטלעך...און דאָס פּנים פֿריש, אויסגעפּריִעט“, ממוס, 'שבת'. 2. דורכגעדאַמפֿט, אויסגעדעמפּט. „שבת אינדערפֿרי — רעטעך און פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער,

אַן א'ע קאַשע מיט אַ גרויסן מאַרכבֿיין", ממוס, שלמה. "דײַן פּנים איז א, ווי אַ צימעס", ממוס, קליאַטשע. 3. אָנגעצונדן (פֿון שווייס, היץ, מיט קליינע בלעזלעך). באַשיטן מיט קאַרטאָפֿל־מעל די א'ע ערטער פֿון דעם קינדס גופֿל.

אויסגעפּרייעטערהייט, ~געפּר

עטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּרייעט. א, ווער דער צימעס האָבן גאָר אַן אַנדער טעם.

אויסגעפּרינדלט — אַדי, פּאַר

אויספּרינדאויסגעפּאָרן

לען ←. אויסגעפּוצט, אויסגעצאַצקעט איבער דער מאָס. אַן א'ע כלה־מויד.

אויסגעפּרעגט — אַדי. אויסגעמינצט; אויסגעשטעמפּלט; אויסגעקריצט. „[ער] וועט שלאָפֿן אין אַ גאָלדענעם בעט מיט א'ע לייבן און מיט דימענטענע מגן־דודס", זש, ממזך.

אויסגעפּרעגלטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּרעגלט (← אויספּרעגלען).

אויסגעפּרעסט — אַדי, פּאַר אויספּרעסן (זיך) ←. 1. אויסגעגלעט מיט אַ פּרעס(ל). „דער סורדוט הענגט אַן א'ער“, מוק, מײַנע באַגעגענישן. 2. אָנגעטאָן אין אויסגעפּרעסטע מלבושים. „קומען אָן דערווײַל די געסט, אויסגעפּוצט און א'“, מל, 'ליטווישע מײַז'.
3. אויסגעקוועטשט, אויסגעדריקט. א'ע פֿײַגן.
4. אַרויסבאַקומען מיט אַ דרוק, אומגעזעצלעך, אומעטיש. א, געלט, א'ע פּריווילעגיעס.

אויסגעפּרעסטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּרעסט. אויפֿהענגען אַ מלבוש א..

אויסגעפּרעסטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּרעסט. פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון א'.

אויסגעפּשטלט — [...פּשעטלט] אַדי, פּאַר אויספּשטלען ←. אויסגעטײַטשט, אַרויסגעדרונגען אויפֿן סמך פֿון אַ פּשטל. א'ע הסברהלעך.

▯

אויסגעסאָכטן — אַדי, פּאַר אויספֿעכטן ←.
~פֿאָכטענער. דורכגעקעמפֿט, אויסגעקעמפֿט.

אַן א'ע שלאַכט. פּפּ: ~געפּעכט.

-

אויסגעסאַלן — אַדי, פּאַר אויספֿאַלן ←.
~געפֿאַלענער. 1. וואָס האָט זיך געטראָפֿן, האָט פּאַסירט (אומגעריכט). „גאָט זאָל אָפּהיטן פֿאַר א'ער שטראָף„, שוו. 2. אַרויסגעפֿאַלן, אַראָפּגעפֿאַלן. די א'ענע האָר פֿון קאָפּ. „איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַ קלאָר־ווײַס א, שנייעלע, באַלייגט מיט פֿליטערלעך“, ממוס, ,שבת'. 3. וואָס עס איז אַרויסגעפֿאַלן, זיך אָפּגעטיילט פֿון כלל, טרעט אַרויס קעגן קהל (מסרט אָדער ענלעכס). „איז ער...אויז גיפֿלין, זול [דער פּרנס־חודש] צו זיך מצרף זיין נאָך ב, גבאים לפּחות אונ, זאָלין אין שטראפֿין מיט תּפֿיסו - אונ, יסורים“, תּקק.
אויסגעסאַנירט — אַדי, פּאַר אויספֿאַנירן ←.
„אַ שאַפֿע (שאַנק, אַלמער), א, פֿון דעמב (קאָן זײַן אויך פֿון אַנדערן פֿאַניר)„, בער.

אויסגעסאָרבן — אדי, פּאָר אויספֿאַרבן ←.
~געפֿאָרבענער. אויסגעמאָלן, באַדעקט מיט

פֿאַרבּ. א'ע ווענט.
אויסגעפֿאָרבּנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿאָרבּן.
אויסגעפֿאָרבּענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿאָרבּן.
די בּרעטער גלאַנצן א'.
אויסגעפֿאָרמעוועט — אַדי, פּאָר
אויספֿאָרמעווען ←. אויסגעפֿורעמט. „[די קבּצנים]
זײַנען אויך א, פֿון דעם אייגענעם בּלוט און
פֿלייש וואָס די גבֿירים“, ייִל, דער סטאַטיק II.

-

אויסגעסאָרן — אדי, פּאַר אויספֿאָרן ←.
~געפֿאָרענער. 1. וואָס מען איז אויף דעם
שוין אַ סך געפֿאָרן. א'ער וועג, טראַקט. *גיין

-

אויסגעפּאָרניטשורט

מיטן א'עם וועג = זיך האַלטן בּײַם
אָנגענומענעם, בּײַם מוסטער, טראַפֿאַרעט. 2. וואָס מען
איז דאָרטן שוין געפֿאָרן. א'ע לענדער. *א'ע
= וואול, פֿרוי וואָס האָט שוין מיט אַ סך
מענער געהאַט סעקסועלן פֿאַרקער.

אויסגעפֿאָרניטשורט — אַדי, פּאַר
אויספֿאָרניטשורן (← אויספֿאָרני(ט)שן). אַמ.
אויסגעמעבֿלירט. „ריכטיק א'ע לײַבֿרערי‟, קאָבֿרין,
אָרע די בֿאָרד.

□

אויסגעסאָרנקייט — די (דאָס), ־ן.
אײגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿאָרן. א,
איבֿער אַ סך לענדער.

□

אויסגעפֿאָרעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אײגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿאָרעמט
(← אויספֿאָרעמען). קונציקע א,.
אויסגעפֿאָרענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מ□בֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿאָרן.
ווי זעט אויס דער וועג א'?
אויסגעפֿאָרצן, ~געפֿאַרצט — אַדי, פּאַר
אויספֿאַרצן ←. אויך: אויסגעפֿוילט, וואול.
א'ע ציין. די ציין זענען בּײַ אים שוין א, =
שוין □אָרש□י —אַדי, פּאַר אויספֿאָרשן &
ויסגעפֿאלן. קאָלאָמיי.

אויסגע

אויספֿאָרשטן ←. וואָס מע האָט

אויסשסודירט, חוקר ודורש געווען; אויסגעפֿרעגט.

א'ער מצבֿ; א, לאַנד.

אויסגעפֿאָרשטערהייט — אַדוו. ווען עס

איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿאָרשט.

א, ווער דער ענין ווערן קלאָרער.

אויסגעפֿאָרשטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿאָרשט. די

א, ▯פֿ▯ר ס▯

— אַדי, פּאַר

אויספֿוגעד   אטאָספֿער.

אויס   געוו

ווען ←. „ווערלן זיך די א'ע און

צוזאַמענגעקלייעטע ברעטער גאַנץ ווייניק אויסדרייען“,

בער.

אויסגעפֿוילט — אַדי, פּאַר אויספֿוילן ←.

וואָס איז קאַליע דורך (פֿון) פֿוילן. אַן א'ער

בוים. „אַ דיקער שטאַם..., דאָך פּוסט און א',,,

יהואָש, 'דער זון פֿון אָוונטשטערן'. „מע זעט

אַרויס אַ שטיקל צונג...דורך אַ היפּש שפּעלטל

אויפֿן אָרט פֿון צוויי א'ע ציין“, ממוס, מסעות.

אַן א, האַרץ = צעווייטיקט, צעפּײַניקט האַרץ.

.

אלצ, תּוכחת וייס.
אויסגעפֿוילטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿוילט.
קוים זיך האַלטן א'.
אויסגעפֿוילטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿוילט. די
א, פֿון אַ בוים, פֿון דער נשמה.

אויסגעסויסטיקט — אַדי. נעאָל.
צונויפֿגעדריקט אין אַ פֿויסט. „א, אונטער דרערד, ציִען
הענט זיך גראָד אַהער פֿון הרוגים גאַנצע
בערג„, פּמ, מלחמה.
אויסגעפֿדלט — אַדי, פּאַר אויספֿולן ←. אויך:
דיק געוואָרן. „געווען אַ שפּאָן...איצט א', ווי
אַ געשטאָפּטע גאַנדז„, ח. פּעט, איק, 1960
29 II.
אויסגעפֿונען — אַדי, פּאַר אויסגעפֿינען ←.
א'ע זאַכן, סודות.
אויסגעפֿונענקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿונען. אַן

א, מי□־ חכמה.

אויסגעסורעמט — אַדי, פּאַר

אויספֿורעמען ←. 1. געשאַפֿן מיט דער הילף פֿון (אָדער
אין) אַ פֿורעם; געשטאַלטיקט. א'ע פֿיגור. „א,
בין איך אויף אַלע וויי־וואַרשטאַטן“, מאָל,
'אין ירושלים קומען מלאָכים'. 2.
אײַנגעשטעלט אין אַ סדר, אָרגאַניזירט. אַן א'ע
געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג. 3. אַנטוויקלט,
פֿאַרענדיקט אין אַ פּראָצעס פֿון שאַפֿן. א'ער
כאַראַקטער. „ער האָט דערזען אַ שטאָלצן ייִד
מיט אַ נײַער, ערשט־א'ער שפּראַך“, יג, תּוך □.
4. פֿטמ. וואָס האָט די ריכטיקע, פּאַסיקע פֿיגור
מיט בולטקייטן. „זי איז ניט קײַלעכדיק, זי
איז נאָ□ א'“, רייד.

אויסגעסורעמטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿורעמט.
וואַרט'־וועסט עס זען א..

אויסגעסורעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿורעמט. אַ
קינסטלערישע א.. אַן א, פֿון אַ טאָק□

אדיסגעפֿיאָצקעט, ~געֿ□פֿיאָקע(דוע)ט —
אַדי, פּאַר אויספֿיאָצקען, אויספֿיאָקעווען ←.
איבערגעטריבן, שרײַאיק, אויסגעפּוצט;

אויסגעצעצאַצקעט. א, אין עסיק און אין האָניק.
,,...אויסגעפּיאָצקעטע פּוילישע אָפּיצירלעו, מיט
קאָקעטיש אַראָפּגערוקטע אין אַ זײַט
פֿירשפּיצעדיקע היטלען,,,)מחה סנה, נע־ונד.
,,דאָס זענען גאָרנישט זייערע ווײַבער, נאָר
צוויי אויסגעפּיאָקעוועטע ציגײַנערינס“,
דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט.

אויסגעסיטערט — אַדי, פּאַר אויספּיטערן ←.
,,נישט קיין מיאוסער פּאַרשוין...הויך און ברייט
א, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז,,, ל. פּימסענשטיין,
תּיקון לייבאַלע, לעמבערג 1894.

-

אויסגעסיטערטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּיטערט.
פֿאַרקויפֿן די גענדז א'.

-

אויסגעסײַכט — אַדי, פּאַר אויספֿײַכטן ←.
דורכגענעצט, אויסגענעצט; דורכגענומען פֿון
פֿײַכטקייט. ,,אַלע אויסגעגלײַכט, אין טרערן
א,“, צײַט, מטטרון.

אויסגעפֿײַלט — אַדי, פּאַר אויספֿײַלן ←.
פֿאַרטיק געמאַכט דורך פֿײַלן; דין, גוט
אויסגעאַרבעט. א'ע אבֿנים־טובֿות. „ווי צאַרט איז
דעם מענטשנס מעלאָדיע, ווי פֿײַן א, די
געפֿילן", סעג, דאָרטן.
אויסגעפֿײַלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿײַלט. א.
וועט זיך עס בעסער אַרײַנפּאַסן.
אויסגעפֿיילטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿײַלט.
אויסגעפֿײַנט — אַדי, פּאַר אויספֿײַנען
(זיך) ←. 1. אויסגעאיידלט. „פֿרישמאַנס פּראָזע
איז נײַ, אייגנאַרטיק, א', „ שע, ייִדישע
שרײַבער. „די צײַט פֿון אַליינהערשאַפֿט פֿון א'ן,
אויסגעאיידלטן, אָפּגעזונדערטן יחיד", ימ, נײַס,
1923. 2. וואָס איז געמאַכט פֿײַן (ניט־
נאַטירלעך). „דער שטאָטהונט אַקעגן איז שוין
עפּעס געמלאכהט, א', אַ ביסל פֿאַלש„, ממוס,
שלמה.
אויסגעפֿײַנערט — אַדי, פּאַר אויספֿײַנערן

-

אויסגעפינען

(זיך) ←. דזוו אויסגעפֿײַנט. אויך: אויסגעפּוצט, אַרויסגעשטעלט אין אַ פֿײַנער ליכט. א'ע מאַנירן. „דער פּעסימיזם פֿון הבֿל־הבֿלים, די א'ע חקירות וועגן דעם וועלט־גרויסן עמקהבֿכא“, ימ, נײַס, 1923.

אויסגעפֿײַנערטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿײַנערט. ווערסט זי ניט דערקענען א'.

□

אויסגעסײַנערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿײַנערט. אַן א, פֿון סטיל, פֿון לשון.

□ □

אויסגעסײַסט — אַדי, פּאַר אויספֿײַפֿן ←. 1. אויסגעשפּילט אויף אַ פֿײַפֿל, בכלל אויף אַ פֿײַף־אינסטרומענט אָדער מיט די ליפּן, פֿײַפֿנדיק. אַן א'ע מעלאָדיע. 2. אויסגעלאַכט, אָפּגעשפּאָט. דער א'ער אַקטיאָר. „דער ייִד... שרײַט אין אַלע גאַסן: ,האַנדל', 'האַנדל'! — און דער א'ער ,האַנדל, שנײַדט זיך דורך...“,

פּרץ, „אַלטוואַרג'.

אויסגעפֿילט — אַדי, פּאַר אויספֿילו I &
1 ← II. קײַלעכדיק, דיקלעך; אָן קנייטשן. א'ע בעקלעך. 2. פֿול געמאַכט, אָנגעפֿילט. זעק, א'ע מיט שטרוי. „זײַנע הענט — גאָלדן־וואַלצן מיט טאָפּאַזן א'“, פּרץ, שיר־השירים. „דער בעל־תּפֿילה...אַ פֿעט, רויט ייִדל מיט אַן א'ער וואָליע„, קמ, 1869 No. 47. 3. אַרײַנגעשריבן, דערגאַנצט, אַן א'ע אַנקעטע. 4. באַזעצט, פֿאַרנומען. דער א'ער זאַל. 5. דורכגעפֿירט (לויט אָנווײַז, באַפֿעל אע). א'ע אַרבעט, באַפֿעלן.

אויסגעפֿילטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿילט. א, מיט אײַנגעמאַכטס וועט עס דיר בעסער געפֿעלן.

אויסגעפֿילטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿילט.

אויסגעפֿין — דער, ־ען. נעאַל. מוו. 1. אַקט פֿון אויסגעפֿינען. 2. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון געפֿינען עפּעס נײַס, וואָס מע האָט פֿריִער ניט געוואוסט וועגן דעם, ווי אַ פּועליוצא פֿון ווויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן, שטודירן, גערעאָטענעם אײַנפֿאַל. א, פֿון אַ נײַעם מיטל קעגן אַ קראַנקייט. דער א, צו שפּאַלטן דעם

אַטאָם. א, פֿון פעניסילין אאַזוו.

-

אויסגעסינונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגעפֿינען. „קריטיק איז כּסדרדיקע א, און שאַפֿונג“, שנ.

אויסגעסינס — דאָס, ־ן. נעאָל. זר. דזוו אויסגעפֿין. געווייִנטלעך: דאָס אויסגעפֿונענע. פּעניסילן איז אַ וויכטיק א, פֿאַר דער מאָדערנער מעדיצין. „די א'ן פֿון דער דינאַמישער פּסיכאָלאָגיע האָבן מיר פֿירגעבראַכט בײַם שילדערן די אויספֿורעמונג פֿון דער פּערזענלעכקייט“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט.

אויסגעסינעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויסגעפֿין, אויסגעפֿינס, אויסגעפֿינונג (איר בּײַטעם). אויך מיר אַן א,.

-

אויסגעסינען — טרוו. געפֿין אויס, ~

געפֿונען. 1. געפֿינען נאָך אַ לענגערן און (אָדע□)
אָנגעשטרענגטן זוכן. א אַן אויסוועג. ,,ווער
,
איז נאָך ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק איין איינציק
□ פֿאָלק אויף דער וועלט וואָס ווייס ווי אַרום

אויסגעפֿינען זיך

אויסצוגעפֿינען זײַנע באַדערפֿענישן?‘‘, ממוס,
'שם און יפֿת'.
2. דערגיין אַ סוד, געהיימעניש. א, פֿון
אונטער דער ערד. א, די מערדערס. איר: א, וואָס
אַלע ווייסן. ,,אַז ער וועט אונטערוואַקסן, וועט
ער שוין אַליין א',,, ברוך מילער, זאַמלונגען,
No 12. 3. געפֿינען אַ צאָל זאַכן. א, אַלע
שטעלן וואו עס ווערט דערמאָנט... □.חיאל
האָט פֿאַר אים נאָך אַנדערע פּסוקים
אויסגעפֿונען און געלערגט אים נאָכצוזאָגן,,, אָש,
תּהילים־ייִד. 4. דערגיין דורך די חושים;
דערוויסן זיך נאָכן אויספּרוּוון. א, דעם טעם
פֿון דעם מאכל. ,,האָב איך אַליין געוואָלט
א, די באַרוישנדיקע ווירקונג פֿון די גיפֿטיקע
משקאות,,, נאַד.

5. געפֿינען עפּעס נײַס, וואָס מע האָט פֿריִער ניט געוואוסט ווי אַ רעזולטאַט פֿון וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן, שטודירן, אָדער ווי אַ פּועל־יוצא פֿון אַ גערעאָטענעם אײַנפֿאַל, המצאה. א, אַ מיטל קעגן אַ קראַנקייט. א, אַ נײַעם אופֿן ווי אַרויסצוקריגן ענערגיע. 6. דערגיין עפּעס וואָס מע האָט פֿריִער ניט געוואוסט ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַנאַליז, פֿון חקירה. א, די סיבות פֿון אַ דערשײַנונג. „אַפֿילו אין דער בחינה פֿון 'סור מרע, קען יעדער מענטש א, בײַ זיך אַז ער קערט נישט אָפּ אינגאַנצן פֿון דעם שלעכטס„, תּניא, עז.

אויסגעפֿינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך: זיך פֿונאַנדערקלײַבן. „ער האָט זיך נישט געקאָנט א, אין די מחשבֿות פֿון זײַן זון“, ייִט.

אויסגעפֿיניש — דאָס (די), ־ן.

אויסגעפֿינס; געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסגעפֿינען. (האָט אויו איר בײַטעם). „אַדאַנק אָט דער א,...“, ש. ביקל, טמז, 28 1954 III.

אויסגעפֿינער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס געפֿינט אויס. שאַרפֿזין פֿון אַן א,. ניס יעדער פֿאָרשער קען ווערן אַן א,. „דאָס האָט צוגעזען דער א'...און אויפֿגעבויט דערויף זײַן נײַע סיסטעם“, מוו, שוואַרצע

פּינטעלעך.

אויסגעסינערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג, טעטיקייט פֿון אויסגעפֿינער. (האָט אויך איר בײַטעם .

-

אויסג ינעריש — אַדי. וואָס איז פֿון, ווי בײַ, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויסגעפֿינער. אויפֿטועריש, המצאהדיק. א'ע מעטאָדן.
אויסגעפֿינערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייג . שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿינעריש. „זײַן שאַרפֿזין און א, קען זיך אַ צעשפּיל טאָן אין דער בּרייט„„ ימ, ייִדישע דערציאונג, 1938.
אויסגעפֿינצטערט — אַדי, פּאַר אויספֿינצטערן ←. וואָס איז געמאַכט אינגאַנצן פֿינצטער; וואָס מע האָט בּכיוון געהאַלטן אין אומוויסן. די א'ע מאַסע. אַן א, צימער.
אויסגעפֿינצטערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

אויסגעפֿינצטערט. די א, פֿון דער מאַסע.
אויסגעפֿינקלט — אַדי, פּאַר אויספֿינקלען ←.
וואָס מע האָט געמאַכט שײַניק, גלאַנציק,
פֿינקלדיק. אַ ברוסט, א, מיט מעדאַלן. „עס
באַווײַזט זיד דער הימל, אַן אויסגעשטערנטער,

אַן א'ער הימל“, פּרץ פֿאָלקסטימלעכע
גע,
שיכט1.
אויסגעפֿינקלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿינקלט. די
א, פֿון דער גאַס, דעם הימל אאַ.

אויסגעסירט — אַדי, פּאַר אויספֿירן ←.
1. וואָס מע האָט זיך וועגן דעם געמיט און
דערפֿירט צו אַ סוף; דורבגעפֿירט, רעאַליזירט.
א'ע שליחות, אונטערנעמונג. א'ער באַשלוס.
אַן א'ער שידוך. „איצט גייט שוין אַלץ ביז
גאָר ווי געשמירט, דער שידוך איז למזל א,“,
עט, לידער. א'ע טויטשטראָף. „...ראַפּאָרטירט
דעם א'ן מאָרד„, סעג, איצטער. 2. געפּועלט,
דערגרייכט; געזיגט; באַוויזן. אַן א'ע בקשה;
א'ע עקשנות. 3. אָפּגעשאַפֿן, ליקוויף.רט. די
א'ע פּאַראָנדקעס. 4. אויסגעבריט,

אויסגעזעסן. א'ע הינדעלעך.
-

אויסגעסירטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿירט.
פֿאַרריַיסן דעם נאָז א'.
אויסגעפֿלאָכטן — אַדי, פּאַר אויספֿלעכטן←.
צונויפֿגענומען דורך פֿלעכטן. אויסגעאַרבעט,
צונויפֿגעשטעלט פֿון אַ בייגיקן מאַטעריאַל.
א'ענע קערבֿ. „בײַ די זײַטן שטייען ביימער, א,
ווי אַ קייט,„ אר, 'אויף די פֿעלדער'. „א'ענע
חלות לכּבֿוד שבּת“, ספּ, יודישע וועלט.
אויסגעפֿלאָכטענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿלאָכטן.
דײַנע האָר זעט (זעען) אויס בעסער א,.
אויסגעפֿלאַכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿלאַכט
(← אויספֿלאַכן). גראַד פֿון א,.
אויסגעפֿלאַסטערט — אַדי, פּאַר
אויספֿלאַסטערן←. 1. באַדעקט מיט פֿלאַסטער(ס);
אויסגעברוקירט. א'ע גאַסן. „דער הימל אַרום ליגט
ווי אַ קריסטאָלענע דעק, א, מיט שאַרפֿע,
שנײַדנדיקע, בליצנדיקע שטערן,„ ווײַס, שטעטל.
2. צוגעגרייט (עס זאָל זײַן גרינג צו גיין,
פֿאָרן, זיך באַוועגן); אויסגעבעט. „אַך

פֿאַר,

וואָס דער וועג פֿון שלעכטע א, איז מיט גליקן?,,, אר, 'פֿאַרוואָס'. ,,דרך החסידות איז אַ ברייטע, א'ע, געזוגטע, ריינע וועג“, לדב.

,,דער וועג פֿון ייִדיש איז נאָך ניט קיין א'ער“, ימ, קולטור און דערציאונג, 1938.

אויסגעפּלאַסטערטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּלאַסטערט. א, וועט זײַן גרינגער צו פֿאָרן.

אויסגעפּלאַסטערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפּלאַסטערט. אַ נײַע, אַ שײַנענדיקע א'.

אויסגעפּלאָסן — אַדי, פּאַר אויספּליסן ←.

אויסגעפּלאַקערט — אַדי, פּאַר אויספּלאַקערן ←. 1. וואָס האָט אויפֿגעהערט ברענען מיט אַ גרויס אָדער העל פֿײַער. ,,דער קנויט פֿון די ליכט איז א'... מיר האָבן געמוזט דאָס ביסל לאָקשן אין דער פֿינצטער אויסזופּן“, ממוס, טאַקסע. ,,א, איז דער פֿײַער, אָפּגעשטאָרבן איז דער רעש,,, יהואָש, בלומען און דערנער. 2. וואָס איז שטאַרק אויסגעהייצט. אַן א'ער אויוון צו באַקן מצות.

אויסגעפּלויגן — פּאַר פֿון אויספּליִען ←.

אויסגעפּליגלט — אַדי, פּאַר אויספּליגלען ←.

אויסגעפֿעדעמט

אויסגעפּוצט מיט פֿליגל(ען); וואָס האָט (
באַקומען) פֿליגל(ען). די א'ע קינדערלעך טאַנצן
אויף דער בינע.
אויסגעסליגלטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנ..
שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿליגלט. די
א, פֿון ▯ ▯ט — אַדי, פֿאַר אויספֿ▯
יסע— י
י פּ טישע רייד.
אויסגעס
רן ←. אויסגעפּוצט מיט פֿליטערלעך. אַן א,
באַלקלייד.
אויסגעפֿליטערטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿליטערט.
א, וועט עס גלאַנצן.
אויסגעפֿליטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעפֿליטערט. א, פֿון סטיל.
אויסגעפֿלייצטער▯הייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿלייצט
(← אויספֿלייצן). „א, זעט אונדזער טײַכל אויס
ווי דער ניעמאַן“, רייד.

אויסגעפֿלײשט — אַדי. נעאָל. [פֿאַר פֿון
'אויספֿלײשן']. וואָס מע האָט דאָס פֿלײש פֿון
דעם אַראָפּגענומען. „מיט בײנער־טענץ פֿון א'ע
שטאָלצן“, פּמ, סתּס.
אויסגעפֿליקט — אַדי, פאַר אויספֿליקן ←.
1. אויסגעריסן, אויטגעצופּט. „בלינדע, הינ..
קעדיקע, מיט אויסגעריסענע זײַטן,
אויסגעבראָכענע פֿיס, א'ע האָר, אויסגעצופּטע
ווײדלען„, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „אַן א'ער
אָרט אין אַ װײַנגאָרטן — זאָגן בּית־שמאי
עס מוז זײַן 24 אײלן און בּית־הלל זאָגן —
16 אײלן„, זרעים, מא/2 .l. וואָס מע האָט
פֿאַרענדיקט פֿליקן. א'ע פֿעדערן א'ע גענדז.
אויסגעפֿליקט ווערן — פּאַס. ווער א„ בּין
געוואָרן א.. אויסגעריסן ווערן, האָבּן אַ סך
צרות. „איך גלײב דאָס איך וועל דאָרט א,
וו„„ אמד.
אויסגעפֿליקטערהײט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿליקס.
א, וועט איר זען ווי פֿעט דאָס גענדזל איז.
אויסגעפֿליקטקײט — די (דאָס), ־ן.
אײגנשאַפֿט, מצבֿ, פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אויסגעפֿליקט.
„גראָזן — נישט קײן גראָזן, נאָר עפּעס א'ן,
שיטערע, מאָגערע געוויקסעלעך„, הל, טאָג,

2 1958 III.

אויסגעפֿלעקט — אַדי, פּאַר אויספֿלעקן ←.

1. באַדעקט מיט אַ צאָל פֿלעקן, דורכגענומען

מיט פֿלעקן. אַן א, קליידל. „מעג זײַן איין לאַטע אויף דער אַנדערער, אַבֿי גאַנץ און ניט א', שמוציק", ארז, קמ, 2 .32 1865, No. וואָס האָט אַ גאַנץ קאָנטיקן פֿלעק. א, מיט אַ בלוטפֿלעק. 3. פֿון אַזאַ קאָליר וואָס זעט אויס ווי פֿלעקן. אַ רויטלעך א'ע פּעל.

אויסגעפֿלעקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿלעקט. טו ניט אָן דאָס קליידל א'.

אויסגעפֿלעקטקייט — די (דאַס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿלעקט. "א, מיט בלוט איז דער סימן פֿון אונדזער גאַנג דורך דער געשיכטע".

אויסגעפֿעדעמט — אַדי, פּאַר אויספֿעדעמען (זיך) ←. 1. וואָס מע האָט די פֿעדעם אַרויסגענומען פֿון דעם. אַן א'ער אַרבל,

-

אויסגעפּעדערט

א'ע שפּולקע. 2. וואָס מע האָט עס שוין
אײַנגעפֿעדעמט. אײַנגענייט די פֿעדעם. אַן א'ער
אַרבל — אַן א, תּפֿילין־זעקל.

.

אויסגעסעדערט — אַדי, פּאַר אויספֿעדערן
(זיך) ←. 1. באַדעקט מיט פֿעדערן,
פֿאַרפֿעדערט. „אַ ייִד אין אַ א, קאַפּל האָט
אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן,„ דעמבלין, ערבֿ
נאַכט. 2. אויסגעפּוצט מיט אַ פֿעדער (
פֿעדערן). אַן א, היטעלע. 3. וואָס מע האָט פֿון
דעם די פֿעדערן אַראָפּגענומען (אַרויסגענומען).
אַ האַלבּ־א, קישעלע.

-

אויסגעסעדערטערהייט —. אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿעדערט.
„די האָר טראָגט זי א, און גיין גייט זי
ווי ־ ווע,„ רייד.

א

אויסגעסעטסט — אַדי, פּאַר אויספֿעטסן ←.

אויך: ~געפּעצט. פֿאַרשמירט מיט פֿעטס,
דורכגענומען מיט פֿעטס, פֿלעקן; שטאַרק

ברודיק. „אַ בלייך פּנים אונטער אַן א, היטל“, פּרץ, 'הכנסת כלה„.

אויסגעפֿעל(ט)שט — אַדי, פּאַר

אויספֿעל(ט)שן ←. וואָס מע האָט אינגאַנצן פֿאַלש געמאַכט, וואָס האָט אין זיך פֿעלשונג(ען). א'ע דאָקומענטן.

אויסגעפֿעלערט — אַדי, פּאָר

אויספֿעלערן ←. „בין איך גרייט איַך צו שיקן מיַין א'ן עקזעמפּלאַר, אויב איר ווילט„, ש. מעלצער, היימיש, 1958' II.

-

אויסגעסעסטיקט — אדי, פּאַר

אויספֿעסטיקן←. I'ע שטעט.

אויסגעסעסטיקטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין

אויסגעפֿעסטיק — —

ט.

אויסגעסעסערט — אדי, פּאַר

אויספֿעפֿערן ←. 1. איבערגעפֿעפֿערט, וואָס מע האָט אַריַינגעטאָן אין דעם (צו פֿיל) פֿעפֿער. א'ע מאכלים, פֿיש. 2. וואָס איז צו שאַרף, אָדער גראָב, האָט ניט־אָנשטענדיקע אָנצוהערענישן.

א'ע מעשׂיות, אַנעקדאָטן.
אויסגעפּעפּערטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפּעפּערט.
איך קען עס עסן בלויז א,.
אויסגעפּעפּערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ, פּרט פֿאַל פֿון זײַן

אויסגע

פּעפּערט.

-
אויסגעסראָסט — אַדי, פּאַר אויספֿראָסטן.
דורבגענומען פֿון קעלט, פֿראָסט. ,,פֿון ווינט
און רעגן אויסגעפֿראָסטע פּנימער", אַש.
אויסגעפֿראָרן, ~געפֿרוירן — אַדי, פּאַר
אויספֿרירן ←. 1. שטאַרק דורכגענומען פֿון
פֿראָסט, קעלט. ,,אַן אויסגעפֿרוירענער, האָט דער
אַלטער צוגעדריקט די פּלייצע צו דער וואַנט",
אָקרוטני, טמז, 2 .10 1953 III.
פֿאַרגליווערט. גוט א'ע פּעטשאַ.
אויסגעפֿראָרנקייט, ~געפֿרוירנקייט —

די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿראַרן, ~געפֿרוירן. די מדרגה פֿון א'.
אויסגעפֿראָרענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿראָרן.
עסן עפּעס א,! אַרײַנקומען אין שטובֿ א,.
אויסגעפֿרוכפּערטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

אויסגעפֿרוכ194

פּערט (← אויספֿרוכפּערן). די א, פֿון דער פֿאַרצוו .גטער משפּחה.
י
אויסגעסירט — דזוו אויסגעפֿראָרן. “א, ווי אַ צי ס“, ממוס, קליינמענטשעלע.
אויסגעסרישטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿרישט (← אויספֿרישן). „אָנגעוואַרעמטערהייט איז א'“ — וועגן מאכלים.

אויסגעסרישטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿרישט; אָפּגעפֿרישטקייט. „מיט וואָסער א, ער איז

געקומען פֿון דער נסיעה,,, רייד.

▯

אויסגעסרעגט — אַדי, פּאַר אויספֿרעגן ←.
אָפּט סובּ. אויסגעפֿאָרשט, עקזאַמענירט; וואָס מע האָט אים געשטעלט אַ סך פֿראַגעס. די א'ע עדות. ,,דער אויסגעפֿרעגטער...האָט ניט אויפֿגעהעלט פֿון דער פֿאַרנעפּלטקייט...", ביקל, טמז, ▯22 19l I.

אויסגעסרעסן — אַדי, פּאַר אויספֿרעסן ←.
1. אָנגעפֿרעסן, זייער פֿעט, אָנגעשטאָפּט. ,,אָט זע איך די גוט געפֿלעגטע, א'ע קינדער", שטריגלער. ,,סמאל האָט זיך אויפֿן א'עם פּנים אויסגעשמייכלט ווי אַ פּגר אומגעוואַשן,,, ייִט, טאָג, 1959 ▯ 9. 2. אויסגעגעסן, אויסגעלעכערט. אַן אַלטע א'ע טערקישע שאַל.

-

אויסגעסרעסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעפֿרעסן. אַן א, פֿון זײַערסן.

▯

אויסגעסרעסענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעפֿרעסן.
אויסגעצאָלטערהייט — אַדוו. ווען עס איז

שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצאָלט (←
אויסצאָלן). „ערשט א, וועל איך האָבן נחת פֿון
מײַן שטיבל„, רייד.
אויסגעצאַצקעט — אַדי, פּאַר
אויסצאַצקע(נע)ן ←. וואָס איז געמאַכט מיט
באַצירונגען;
גוט אויסגעאַרבעט, מיט אַלע פּרטים. „...
געצירקלט און א, ווי אַ 'מזרח„ וואָס די
אַמאָליקע ייִדישע מושלמים האָבן אויסגעמאָלט“,
מוק, טעאַטעך און ייִדיש טעאַטער.
אויסגעצאַצקעטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצאַצקעט.
אַרויסגעבן אַ שטיקל אַרבעט א'.
אויסגעצאַצקעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעצאַצקעט. די א, פֿון דער אַרבעט.
אויסגעצאַקט — אַדי, פּאַר אויסצאַקן ←.
„די בלעטער זעען אויס...ווי אַ האַרץ מיט א'ע
קאַנטן“, איבז האָכבערג שמייל, נעוויקסן.
אויסגעצאָרנט — אַדי, פּאַר אויסצאָר(ע)־
נען ←. וואָס ווערט (איז) אויסגעדריקט,
דורכגענומען מיט צאָרן. א'ע רייד.. „זיבן בלינדע
און דער אַכטער גייט פֿון פֿאָרנט...
אויסגעווייטיקט, אויסגעליכטיקט, א'„, אפֿא, ווײַסע

שטאָט.
אויסגעצוואָגן — אַדי, פּאַר אויסצוואָגן ←.
1. גוט אויסגעוואַשן (מיט הייס וואַסער, זייף).
א'ער קאָפּ, א'ע האָר, צעפּ. „די קינדערלעך...
א, און אָנגעטאָן שבתדיק, אַלע האָבן
געשײַנט“, ממוס, פּישקע. א, ווי ערבֿ שבת, ערבֿ
יום־טובֿ; ווי אַ כלה(־מייד□), בת־יחידה.
אַן א'ענער הערינג = אויסגעווייקט, מיט
.
אייל, עסיק אע. „אַמאָל ליגט גאָר אויף אַ

אויסגעצוינן

טעלער פֿון [שלח־מנו□] אַן א'ענער הערינג אין
עסיק און האָניק“, ממוס. 2. אויסגערייניקט,
אַרומגעוואַשן, אויסגענעצט אע. נאַס ווי א,
אונטערן רעגן. א, ווי אַ קאַץ. „דער
אָפּגעטובֿלטער, א'ענער וואַלד איז געשטאַנען
ווי אַ חתן...אין אַ נײַער זופּעצע“, ממוס,
קליאַטשע. „דער הימל איז נישט אַזוי רויט ווי
נעכטן, ער איז בלוילעך־זילבערדיק און א,
לכּבֿוד שבת„, אַש, תּהילים־ייִד. “מײַן קאָפּ איז
פֿון שטראַלן א'„, יהואָש. 3. אויסגעזידלט;
רויט פֿאַרפֿלאַמט פֿון באַליידיקונג. אַוועק פֿון

׳

אונדז אַן א'ער.

אויסגעצוואָגנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצוואָגן. אַן אויסגעוואַשנקייט, אַן א,, אַן אויסגערייניקטקייט.

אויסגעצוואָגענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצוואָגן. אַרײַנקומען אַ פֿרישער, א'.

אויסגעצוואונגען — אַדי, פּאַר אויסצווינגען ←. וואָס איז דורכגעפֿירט קעגן ווילן, אַרויפֿגעצוואונגען. א'ע הנחות.

אויסגעצוואונגענקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצוואונגען. די א, שטעקט שוין אין דער סיטואַציע.

אויסגעצווײַגטקייט — די (דאָ), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצווײַגט (← אויסצווײַגן).

אויסגעצוויקט — אַדי, פּאַר אויסצוויקן ←. אויסגעצופּט, אויסגעריסן. א'ע צויטן.

אויסגעצוויקלט — אַדי, פּאַר אויסצוויקלען ←. אויסגעפּוצט, אויסגעסטראָיעט, אויסגעצאַצקעט. א, ווי אַ ליאַליע, ווי אַ חתן־בחור. "רחלע די

שיינע שטייט נעבן דער כלה, א, ווי אַ
בתמלכּה“, שע, 'שיר־השירים,. ,,צוויי קישעלעך,
וואָס פֿון בּיידע זײַטן איז א, אַ פֿישעלע און
אָנגעפֿילט מ▯ט פֿאַרפֿעלעך“, שע, קליינע
מענטשעלעך.
אויסגעצויבּערט — אַדי, פּאַר
אויסצויבּערן ←. אַרויסגעבּראַכט (ווי) דורך כּישוף.
אויסערגעוויינטלעך גערעאָטן (פֿון קינסטלערישן
שטאַנדפּונקט). ,,...ווי אַן א'ע געשטאַלט פֿון די
אוראַלטע היילן“, שטריגלער. א'ע מעלאָדיע.
אויסגעצויגן — אַדי, פּאַר אויסציִען (זיך) ←.
~געצויגענער. 1. צעצויגן; וואָס פֿאַרנעמט
איבעריקע צײַט (מער ווי נייטיק). וואָס ווערט
אַרויסגעבּראַכט פּאַמעלעך. א'ער וועג. א'ע
דרשה, מעלאָדיע. ,,...לאָזט זיך הערן אַן א,
קול פֿון אונטן,,, שע, מעסtיות פֿאַר ייִד,
קינדער. ,,זענען דאָס ווײַבּ מיט בּיידע טעכטער
העסלעך ווי דרײַ א'ע שוואַרצע נעכט,,, פּרץ,
זכרונות. ,,...כאַפּן אויס איינער בּײַם צווייטן
די ערשטע א'ע טאָג־בּרכה“, בּערג, נאָך
אַלעמען. ,,דאָס וואַסער קלינגט...די ווײַטן הילכן
א', דין און הויל“, חג, פֿאַרוואָקסענע וועגן.
2. וואָס ווערט געצויגן אין דער
גאַנצער לענג. א'ע שטריק. ,,אַ הימל, בּלייך,

טויבשטום א'...אָן אַ ליכטיקן צאַפּל“, פּרץ,
בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק. א'ער אויסלויפֿער
← אויסלויפֿער, ב2. 3. וואָס ציט זיך אַליין
אויס אין דער גאַנצער לענג, איבעריק לאַנג.

אויסגעצויגן ווערן

דער זעלנער שטייט א'. „ווי די סאָלדאַטן
שטייען די הויכע סאָנישניקעס א'“, שע, פֿון
כתרילעווקע. א, ווי אַ דראָנג, ווי אַ זעלנער.
א, ווי אַ סטרונע.
4. לענגלעך, וואָס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי
מע וואָלט עס צעצויגן. *אַן א, פּנים = א) דאַר,
קרענקלעך; ב) איבערגעשראָקן, שטאַרק
פֿאַרוואונדערט. „הונגעריקע...קראַנקע...בלייכע, מיט
א'ע פּנימער„, ממוס, קליאַטשע. „אַ פּנים
האָט ער אַן א'ס, אַז שענערע ליגט מען אין
דער ערד אַרײַן„, פּרץ, פֿאָלקסטימלעכע
געשיכטן. „...איז געבליבן שטיין מיט אַן א',
איבערגעשראָקן פּנים“, חג ישיבֿה.
5. וואָס ליגט אין דער גאַנצער לענג. ליגן
א'. א, ווי לאַנג ער איז. א, ווי אַ מלך, אַ פּריץ,
אַ גאַנצער קנאַקער אאַ. “אין אַ ווינקעלע דאָרט
...ליגט א, ווי אַ מלך איינער אויף די באַנק“,

ממוס, שלמה. „דו זעסט — זיי שטייען אויף די פּיס, און דו פּילסט — זיי ליגן א, זײַנע קנעכל קושנדיק,„ פּרץ, די גאָלדענע קייט.
„דאָרטן ליגן א, אַלע ציגן פֿון שטאָט און וואַרעמען זיך קעגן דער זון,„ שע, קליינע מענטשעלעך. „אויף זײַן פּנים איז געלעגן א, אַזוי פּיל רחמנות“, שע, אָרעמע און פּריילענע II.
6. געשטאָרבן. ער איז שוין אַן א'ער.
„שטיל פּאַרמאַך מיר ביידע אויגן און איין רגע שטיי — זעסט, איו בין שוין א', נעם זיך דאַן און גיי“, הל, ,ווער מײַן קאָפּ'.
7. אַרויסגעצויגן, אַנטבלויזט. „אויף דער נאַקעט־א'ער שווערד טאַנצט דער בליץ,„ פּרץ, 'לכּבֿוד חנוכּה„.
אויסגעצויגן ווערן — פּאַס, נייטראַל. ווער א„ בין געוואָרן א„. אויסגעריסן ווערן, אויסגעמאַטערט ווערן; זיך שטאַרק אָנלײַדן (באַגערנדיק עפּעס). א, וו, נאָך אַ שטיקל ברויט.
„אַ לערער בּ אַן אַנדער פֿאָלק — כאָטש ער
י
זאָל ווערן א, — ווער דאָך אַ הונדערט־טייל פֿון דעם ניט זען אין די אויגן,„ פּרוג, , נאַכטלידער'. *א, זאָלסטו ווערן — שפּאַסיק, ווען

איינער ניסט. לאָקל, קעלץ.
אויסגעצויגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצויגן. א, פֿון אַ קול. „און אויפֿשטייענדיק פֿאַר איר מיט דער גאַנצער א', געקוקט איר אין פּנים אַרײַן„, ווײַס, אַ חתן ווערן„.
,
אויסגעצויגענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצויגן. אַפֿילו א, פֿאַר מײַנע פֿיס וועט ער בײַ מיר ניט פּועלן.
אויסגעצוימט — אַדי, פּאַר אויסצוימען ←. אויך: ~געצאַמט, ~געצאָמט. מג — אײַנגעדאַרט, אײַנגעשרומפּן [אײַנגעצוימט אין פּר]. „דאַר און א, איז ער, ס'פּנים זײַנס — געלער וואַקס, שפּיציק„, בער האָראָוויץ.
אויסגעצונדן — אַדי, פּאַר אויסצינדן ←.
אָנגעצונדן אומעטום; שטאַרק באַלויכטן. א'ע זאַלן.
אויסגעצופּט — אַדי, פּאַר אויסצופּן ←.
אויסגעריסן, אויסגעפֿליקט. “אויסגעריסענע זײַטן, אויסגעבראָכענע פֿיס, אויסגעפֿליקטע האָר, א'ע ווײדלען”, ממוס, „בישיבֿה של מטה'.

אויסגעצופּטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצופּט. עס זעט אויס ווי אַ חלה א'.

אויסגעציטערט — אַדי, פּאַר אויסציטערן ←. וואָס איז געשאַפֿן מיט ציטער, ציטערנדיק. „דערשפּירט זײַן א, און פֿאַראמתט וואָרט“, יג, תּוך.

אויסגעצײַטיקט — אַדי, פּאַר אויסצײַטיקן ←. וואָס איז געוואָרן צײַטיק; פֿולקום אַנטוויקלט; אויסגעטראָגן, אינגאַנצן דורכגעטראַכט. א'ער געדאַנקען־גאַנג.

אויסגעצייכנט — אַדי, פּאַר אויסצייכענען (זיך) ←. 1. אָנגעצייכנט, אויסגעמאָלט; אויסגעריסעוועט. דער פּלאַן איז שוין א'; די א'ע מאַפּע. 2. זייער גוט, ספּעציעל גוט, פּערפֿעקט. ער קען עס א'. מאַכן אַן א'ן אײַנדרוק. „ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען גוט, א„ און איז אַרײַן אין גימנאַזיע“, ממוס, אַ גרויע האָר'. „א, פֿאַרבֿרענגט די

,

צײַט“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „אַ טאָג האָט

זיך אַוועקגעשטעלט דעמאָלט אַן א'ער״, שע,
פֿון כּתרילעווקע. 3. וואָס איז בּאַזונדער,
אַנדערש, אויסגעזונדערט, אויסגעטיילט. „
וואָרום איז די נאַכט פֿון פּסח א, פֿון אַלע
איבעריקע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר?״, הגדה של פּסח.
„מיר האָבּן אויפֿמערקזאַם געמאַכט אונדזערע
בּרידער וועגן דעם וואָס ייִדן...טאָרן ניט
טראָגן קיין א'ע קליידער״, ארז, קנד., 1867,
No 33.

אויסגעצייכנטלער — דער, ־ס. סאַוו. ווער
עס צייכנט זיך אויס בּײַ דער אַרבּעט (אין
פֿאַבּריק, פּאַרטיי אַרבּעט).

-

-

אויסגעצייכנטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מען איז) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעצייכנט. קענען א'; א, אויף פּאַפּיר.
אויסגעצייכנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצייכנט.
[ל2 פֿאַרטײַטשט אויך אַזוי דעם טיטל ־ [[]]
B0 [o Boeנ].

אויסגעצײלט — אַדי, פּאַר אויסצײלן ←. (ניט־)א, געלט. סוף (אין קינדערשפּילן) דאָס קינד אויף וועמען עס פֿאַלט דאָס לעצטע וואָרט בײַ אַן אויסצײלעניש. „מע צײלט זיך אויס, און דער א'ער נעמט אַ טיכל און באַהאַלט עס; גײען אַלע זוכן“, ש. לעהמאַן, בײַ אונדז יודען, 131.

אויסגעצײלטערהײט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצײלט (← אויסצײלן). געבן געלט ניט־א'.

אויסגעצילינדערט — אַדי, פּאַר , אויסצילינדערן, (נב). אויסגעפּוצט אין אַ צילינדער, איר בײַטעם. א'ע דיפּלאָמאַטן.

אויסגעצימבלט — אַדי, פּאַר אויסצימבלען ←. אויסגעשפּילט אויף אַ צימבל (בכלל מיט קלאַפּערײַ, פּויקערײַ). אַן א'ער מאַרש.

אויסגעציקלט — אַדי, פּאַר אויסציקלען ←. וואָס איז געמאַכט (אָנגעשריבן, אויסגעזונגען, אויסגעטאָקט אע) קונציק, צאַצקעדיק, מיט אַ סך שײנע פּרטים. א'ע אותיות. „וואַקסט אין רעדל אויס אַ שלאָס, און דער שלאָס פֿון מענטשן־בײן א, בײן און שטײן„, קוו, טריט. „בלעטער דורבגעשטויבטע, גרויע...און אויף

אויסגעקאַטשעט

איינער אַ צוואָה, א, בײַ דעם ראַנד,,, סוצ,
ייִדישע גאַס.
אויסגעצירט — אַדי, פֿאַר אויסצירו ←.
1. אויסגעפּוצט אין (מיט) צירונג. ,,אַלע קינדער ניט פֿאַרשמירט, אַלע ווײַבער א'", מל, ליטווישע מײַז. 2. שטאַרק אויסגעפּוצט מיט טײַערע זאַכן. יום־טובֿדיק, רײַך. ,,ווש איז דש אייערי איין זאַמלונג וואַש איר גייט אוף די מאַרק אוש גצירט", שי, כ/בּ. ,,דער וואָס זעט אין חלום יעקבֿ א, מיט זײַנע מלבּושים — איז אַ סימן אַז מע האָט אים מוסיף געווען חיים,,, נצ2, מה/בּ. ,,אים אין אַ שטיבל אַרײַנגעפֿירט, מיט מעבל און פֿירהאַנג א',,, עט, לידער. ,,ייִנגלווײַז האָבן די א'ע ספֿריתּורות בײַ אים אויסגעזען ווי גענעראַלן", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אויסגעצירטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעצירט.
פֿירן די כּלה אין שול אַרײַן א'.
אויסגעצירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצירט. סאַראַ א', סאַראַ אויסגעפּוצטקייט מיט פֿײַנעם

געשמאַק.
אויסגעצירקלט — אַדי, פּאַר
אויסצירקלען ←. אויסגעצייכנט מיט אַ צירקל;
אויסגערונדיקט, אויסגעקײַלעכט. אַן א, פּנים =
אַ רונד פּנים; מיט געשניצטע שטריכן.
אויסגעצערט — אַדי, פּאַר אויסצערן ←.
אויסגעדאַרט, אויסגעמאָגערט, אויסגעשוואַכט.
„...האָט געקוקט אויף די צעקרימטע פּנימער,
אויף די א'ע קינדער“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אויסגע'צער'ט — [...געצאַ'אַרט] אַדי, פּאָר
'אויס'צער'ן, (נבֿ). וואָס קומט אַרויס פֿון
(דודך) צער, פּײַן; אויסגעווייטיקט. נעאָל.
„ניט באַוואונדערן, ניט צערטלען אין פֿרייד
אין אויסגע'צער'טער...“, הל.
אויסגעצערטלט — אַדי, פּאַר
אויסצערטלען ←. וואָס מע האָט צו דעם זיך באַצויגן מיט
צערטלעכקייט, ליבשאַפֿט; פֿאַרפּיעשטשעט.
א'ע קינדער. „מע דאַרף אָבער אַמאָל אויך
איבערגיין דעם גבֿול פֿון א'ע און אויסגערוטע
ווערטער„, הל, לידער פֿון גן־עדן.
אויסגעצערטלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעצערטלט. די א, פֿון פּנים און פֿון די הענט.
אויסגעצערטערהייט — אַדוו. ווען עס

(מען) איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעצערט. קוים זיך האַלטן אויף די פֿיס א, פֿון הונגער.

אויסגעצערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעצערט. א, פֿון די גופֿימלעך.

אויסגעצרהט — [...צאָרעט] אַדי, פּאַר ,
אויסצרהן, (נבֿ). דורכגעלעבט צרות; וואָס קומט וו אַ רעזולטאַט פֿון אַ צרה, צרות. א'ע ייִדענע;
י
א'ע פֿרייד.

אויסגעצרעתט — [...צאַראַ'אַסט] אַדי, פּאַר
'אויסצרעתן, (נבֿ). באַדעקט מיט צרעת, קרעץ, בלאָטערן. א, פּנים, א'ע הענט.

אויסגעקאַטשעט — אַדי, פּאַר אויסקאַטשען
(זיך) ←. אויסגעקײַקלט, אויסגעוואַלגערט. א'ע לאָקשן. א'ע אין זאַמד.

אויסגעקאָכט

אויסגעקאָכט — אַדי, פּאַר אויסקאָכן ←.
1. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט קאָכן. „איין עשן דאז דא גאַר טרוקן איז און דש עש אזו וואול אויש גיקאָכט איז — דאש זעלביג טאָר

מן וואול בייא דש פֿייאר שטעלן,,, לט1, 2/74.
,,אַ שוואָרן, א, אין עסיק און אין האָניק, האָט
אויך אַ טעם,,, שוו. 2. וואָס פֿון דעם איז
דאָס וואַסער (פֿליסיקייט) שוין אויסגעדאַמפֿט
דורך קאָכן. ,,געבליבן זיצן מיט אַ טרוקענעם
האַלדז, אַן אויסגעליידיקטער, ווי אַן א'ער
טשײַניק,,, אָפּאַ, היברו.
אויסגעקאָכט זײַן — צזוו, אוטוו. זײַ (בין)
אויסגעקאָכט, בין געווען א,. 1. זײַן אינטים,
נאָענט, היימיש; זײַן גוט־פֿרײַנד, חבֿריש. זײַן
א, מ י ט מענטשן, מיט דער גאַנצער
וועלט, מיט די פּני, מיט גאַנץ קעקעלע קהל,
מיט נאַטשאַלסטווע. ,,ער איז א, מיט זיי אין
פֿרײַנדשאַפֿט", אַש. ,,זיי [די רביים] זענען דאָך
דאָרטן [אין הימל] גאָר א'"', ריב"ל,
הפֿקרוועלט ◻ ,,ער טויג צו גאָרנישט...זײַן ווײַב...איז
א, מיט אַלע פּריצים,,, קמ, 1866, No 31. ,,...איז
אַ קרובֿ למלכות, א, מיט אַלע קנעפּ", פּרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. 2. זײַן גוט
באַקאָנט, באַהאַוונט אין עפּעס. זײַן א, אין האַנדל,
מסחר, אין וועלטישע זאַכן. אין אַלע קהלשע
חבֿרות.
*זײַן א, מיט די ביינער = זײַן אין אַ צרה,
אַרײַנפֿאַלן. ,,מע האָט אים געכאַפּט מיט

לינקער סחורה, איז ער א, מיט די ביינער“.
אויסגעקאָכטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקאָכט.
מע קען עסן די עפּל נאָר א'.
אויסגעקאָכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקאָכט פֿון
,
אויסגעקאָכט זײַן. אַן א, אין אַלע קהלשע
ענינים.
אויסגעקאַלופּעט — אַדי, פּאַר
אויסקאַלופּען ←. אויסגערייניקט דורך קאַלופּען;
אַרויסגעקראָגן דורך קאַלופּען. אַן א'ע נאָז;
א, פֿעדעמל פֿלייש.
אויסגעקאַלכט — אַדי, פּאַר אויסקאַלכן ←.
אויסגעפֿאָרבן, אויסגעשמירט מיט קאַלך. „דורך
די אָפֿענע פֿענצטער ווינקען אַרויס א'ע
קוימעןאויוון“, ווײַס, אַ שטעטל. „די סטעליע און
ווענט פֿון מנין זײַנען ווײַס־קלאָר, ערשט א'ע“,
לדבֿ. אויך פֿיג: אויסגעפּוצט מיט ליגנס.
אויסגעקאָלנערט — אַדי, פּאַר
אויסקאָלנערן ←. (שנײַדערײַ) וואָס האָט אַ גרויסן
קאָלנער.
אַן א'ער פּעלץ.
אויסגעקאַמט — אַדי, פּאַר אויסקאַמען ←.

פּפֿ: ~געקעמט. אויסגערייניקט דורך
קעמען, קאַמען. אַ שיינע, א'ע באָרד פֿון אַ
תּלמידחכם.
אויסגעקאָמפּראָמיסט — אַדי, פּאַר '
אויסקאָמפּראָמיסן, (נבֿ). נעאַל. וואָס איז אַ
רעזולטאַט פֿון אַ קאָמפּראָמיס, פּשרה. „...מיט
זײַן א'ן שלום“, זשיט.
אויסגעקאָראָנ(ע)יעט, ~געקאָרעניעט
— אַדי, פּאַר אויסקאָראָנ(ע)יען ←, ~
קאָרעניען ←. אויסגעוואָרצלט, אויסגעריסן,
אויסגעגראָבֿן מיטן וואָרצל. א'ע פּעניעס. „די שכנים
זענען נעבֿעך...אויסגעשאָלטענע און

קאָרעניעטע אויף אַלע זײַטן“, יודישער
פֿאַרפּס‌ו, 1881.
אויסגעקאַרבֿט — אַדי, פּאַר אויסקאַרבֿן ←.
וואָס אויף דעם זײַנען דאָ אײַנשניטן, קאַרבֿן.
אַן א, שטעקעלע. „אויף די געסלעך [פֿון
צפֿת] — דער דלות פֿון גאָר דער ערד א'“,
מעינקע קאַץ. „ער שטרעקט אויס זײַנע הענט
מיט א'ע פֿינגער,,, הל, 'די ביימער בליִען
בלוי',.

אויסגעקאַרבּטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקאַרבּט.
אויסגעקאָרטשעט — אַדי, פּאַר
אויסקאָרטשע(נע)ן ←. 1. אויסגעקנייטשט, צעקנייטשט; אויסגעבויגן. „דער אַלטער...פֿאַר שנורעוועט דאָס א'[ע] פּנים אין דער גרויסער באָרד אַרײַן“, הר, פֿאַרנאַכט. 2. אויסג ־ טשעוועט, אַרויסגעצויגן מיטן וואָרצל; באַפֿרײַט פֿון וואָרצלען, פּעניעס. אַן א, פֿעלד.
אויסגעקאָרטשעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקאָרטשעט. א, פֿון אַלטן פּנים.
אויסגעקאָרמעט — אַדי, פּאַר
אויסקאָרמע(נע)ן (זיך) ←. אויסגעפֿיטערט, אויסגעפּאַשעט (מער ווי נייטיק); וואָס מע האָט געגעבן צום עסן אַ סך כּדי עס זאָל ווערן פֿעט. א'ע גענדזלעך. אַן א'ער איידעם.
אויסגעקאָרמעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקאָרמעט. א, פֿון נגידישע קינדער.
אויסגעקאָרסעוועט — אַדי, פּאַר
אויסקאָרסעוען, (נבֿ). פּד. טיף אויסגעשניטן, שטאַרק דעקאָלטירט. „דעם זעלבן אָוונט, ווען רבֿקהלע איז שוין געזעסן אין בעט אין איר א,

נאַכטהעמד...“, אָפּאַ, „אַ סומנע הויז..

אויסגעקאָשליעוועט — אַדי, פּאַר
אויסקאָשליעווען ←. סל. פּד. אויסגעקרימט. “איז ער געלאָפֿן פֿאָרויס, געטאָפּטשעט מיט די א'ע שיך“, בּימקאָ.

-

אויסגעקבּרט — [...געקייוועֿרט] אַדי, פּאַר
'אויסקבֿרן, (נבֿ). נעאָל. אויסגעגראָבן, אַרויסגענומען פֿון אַ קבֿר (סתּם פֿון דער ערד).
„פֿאַר דורות שטיינער, שטומע, א'ע, איז איצט דער בּאַרג פֿון ליכט געקרוינט„, אפֿא, 'דער בּאַרג פֿון ליכט'.

אויסגעקוואַלט — אַדי, פּאַר אויסקוואַלן ←.
א, וואַטער.

אויסגעקוואַרט — אַדי, פּאַר אויסקוואַרן ←.
אויסגעדאַרט, שטאַרק אויסגעמאָגערט. אַן א, קינד. „אויסגעדאַרט, א, וואוינען אין פֿרעמדע, געדונגענע דירות„, פֿרוג II, 'אייניקלעך'.. „אַן אויסגעדאַרט, א, מצווהלע, דין ווי אַ פֿאָדעם און טרוקן ווי אַ שפּין„, ש. סײמאָן, צווײגן.

אויסגעקווייטלט — אַדי, פּאַר
אויסקווייטלען ←. אויסגעפּוצט, אויסגענייט מיט קווייטן. אַן א'ע בּלוזקע.

אויסגעקוועטשט — אַדי, פּאַר אויסקוועטשן
(זיך) ←. 1. אויסגעדריקט, וואָס די
פֿליסיקייט, דער זאַפֿט פֿון דעם איז אויסגעפּרעסס.
אַן א'ע לימענע — א) אַ טרוקענער,
אומפֿרײַנד
לעכער מענטש; ב) אויסגעדאַרטער,
אָפּגעשוואַכטער. ״די א'ע ווײַנטרויבן, וואָס מע
ווייקט זיי אײַן צו מאַכן עפּעס אַ משקה...״,

אויסנעקויקלט

לט2, 2/67. 2. וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון
אויסדריקן. א'ער סאָק, זאַפֿט. „איבער א'ן
זאַפֿט פֿון פּירות, עפּלזאַפֿט, ראָסל פֿון
אוגערקעס — מאַכט מען שהכל״, חא, ווילנע, מ/ב.
3. וואָס מע באַקומט דורך אויספּרעסו,
שאַנטאַזשירן, סטראַשען. א, געלט. א'ע
צושטימונג. 4. אויסגעקריצט, אַרײַנגעדריקט. א'ע
אותיות. 5. מיט מאַטערניש אַרויסגעבראַכט.
א'ע ווערטער.
אויסגעקוועטשטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקוועטשט.
אַרײַנלייגן דעם ציטרין א'.
אויסגעקוועטשטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקוועטשט.
אויסגעקוועלט — אַדי, פּאַר אויסקוועלן ←.
געמוטשעט, אויסגעפּײַניקט; וואָס איז אַ
רעזולטאַט פֿון קוועלן זיך. אַן א, ביסל פֿרייד.
,,ווען זיי זויגן אויס דעם לעצטן טראָפּן פֿון
דעם א'ן מענטשנס בלוט...,,, מ. ווינטשעווסקי.
דזוו אויסגע וואַלט.
אויסגעקווע טערהייט — אַדוו.
אויסגעמאַטערטערהייט, אויסגעפּײַניקטערהייט.
אויסגעקוועלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעמאַטערטקייט, אויסגעפּײַניקטקייט.
אויסגעקווערט — אַדי, פּאַר אויסקווערן ←.
וואָס גייט אין דער קווער; קרום, אויסגעדרייט.
,,א'ע האָלצשיכטן“, ייִהאַנ.
אויסגעקויטיקט — אַדי, פּאַר
אויסקויטיקן ←. ,,...אַלטע א'ע, פֿאַרגעלטע
פֿאָדערבלעטער פֿון ס◌רים...“, ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות
.II
אויסגעקוילעט — אַדי, פּאַר אויסקוילעו ←.
אויסגעשאָכטן; אויסגעטייט, אויסגעהרגעט
(אויף אַן אַכזריותדיקן אופֿן). דאָס ליד פֿון א'ן
ייִדישן פֿאָלק. ,,שלאָפֿט דער סטעפּ מיט די
הרוגים, א, ליגן זאַנגען“, פּמ, וואָכנטענ.
אויסגעקוילעטערהייט — אַדוו. ווען עס

איז (מע האָט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעקוילעט. די הינדעלעך ליגן א,.
אויסגעקוילעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אײגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקוילעט.
,,איר א, ווי זאָל איך מאָלן?“, סוצ,
פֿײַערוואָגן ־

.

אויסגעקויסט — אַדי, פּאַר אויסקויפֿן (זיך) ←.
1. וואָס מע האָט עס (צוריק) באַקומען אָדער
אויסגעלייזט פֿאַר געלט. א'ע סחורה. א'ער
שקלאַף. 2. וואָס איז פֿאַרגיטיקט אָדער
ריינגעוואַשן געוואָרן. ,,כ'ווייס ניט צי איו
האָב וואָס צוצוגעבן צו יענער אייביקער,
ניטא'ער זינד“, הל, 'דערמאָנונגען,.
אויסגעקויפֿטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקויפֿט.
,,קרעמער קרעכצן קויפֿנדיקערהייט און א'“,

-

רייד.

אויסגעקויסטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקויפּט. א, פֿון זינד.

אויסגעקויקלט — אַדי, פּאַר אויסקויקלען ←.

1. אויסגעקאַטשעט, אויסגעדרייט ווי אַ קויק. אַן א'ע = וואָס מע האַט געהאַט מיט איר

.

אַ צאָל מאָל געשלעכטלעכן פֿאָרקער, וואול.

2. אויסגעפּלעט, אויסגעמאַנגלט, אויסגעגליכן אויף אַ קויק אָדער הילצערנעם צי

מעטאַלעאויסגעקויקלט ווערז

נעם צילינדער. „דער שלייער האָט באַדאַרפֿט זײַן ווײַס ווי שניי, אָנגעקראָכמלט, אָנגעבלאָווט און א'„ ממוס, שלמה. 3. וואָס איז געוועזן זייער קראַנק, זיך געקויקלט אין ווייטיקן. „די וואָס זײַנען געבליבן לעבן נאָך דער מגפֿה זײַנען אַלע א'ע„ [ווי אַ היילמיטל בײַ כאָלערע פֿלעגט מען דעם קראַנקן אײַנוויקלען אין

אויס טיכע ט .ערז

— פּאַס. ←

אויסקויקהייס   או אים קײַקלען].
עקויק
לען. ספּעצ אומגעבּראַכט ווערן. „נעמיראָוו איז
אָפּגעבּרענט געוואָרן...די גאַנצע שטאָט איז
פּשוט א, געוואָרן דעם אַנדערן טאָג שבֿועות„,
יאַ, די גענאַרטע וועלט. קללה: אויסגעקויקלט
זאָלסטו ווערן = זאָלסט קריגן כאָלערע.
אויסגעקויקלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקויקלט.
צונייען די שפּיצן א'.
אויסגעקוליעט — אַדי, פּאַר אויסקוליען
(זיך) ←. 1. אויסגעדרייט אין פֿאַרשיידענע
זײַטן; אַרויסגעשטאַרצט, אויסגעגלאָצט (וועגן
אויגן). „האָט ער געקוקט פֿאַר זיך מיט זײַנע
גרויסע א'ע אויגן„, בּ 1רג, אָפּגאַנג. 2. וואָס
איז אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג. א'ע קינדער.
אויסגעקונציקט — אַדי, פּאַר
אויסקונציקן ←. געמאַכט, דערגרייכט אויף אַ קונציקן
אופֿן. „מיר כאַפּן דעם נאָכקלאַנג פֿון אַזאַ א'ן
גראַם„, יג, תּוך.
אויסגעקוקט — אַדי, פּאַר אויסקוקן ←.
1. וואָס מע האָט אַ צאָל מאָל באַקוקט. אַן א'ע
כּלה. 2. פֿאַרבּענקט; וואָס קוקט מיט
האָפֿענונג, דערוואַרטונג. א'ע אויגן.

אויסגעקוקטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקוקט.
קויפֿן דאַרף מען א'.
אויסגעקושט — אַדי, פּאַר אויסקושן ←.
1. וואָס מע האָט עס אַ צאָל מאָל געקושט;
צעהיצט פֿון קושן. „אַלטע, א'ע ספֿר־תּורות,
א'ע פֿון אַ צענדליק דורות, טראָגט מען צו
מיט...ציטערדיקע הענט“, אַל, ,ויהי בּנסע
הארון'. „אַרײַנגעקומען צוריק אין שטובֿ אַ
צעפּאַרעטע, אַן א'ע, אַן אָנגעקניפּענע„, חג.
2. אויסגעזויגן, אַרויסגענומען דורך קושן.
א'ער טרויער פֿון די אויגן.
אויסגעקושטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקושט.
א אַרײַנשטעלן דעם ספֿר צוריק אין אָרון.

אויסגעקיווערט ——. אַדי, פּאַר 'אויסקיווערן,
(נבֿ). נעאָל. אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט אין אַ
קיווער (קאַסקע, העלעם). „א'ע רײַטערס“.
אויסגעקײַלט — אַדי, פּאַר אויסקײַלן ←.
פּד. אויסגעקוילעט, אויסגעשאָכטן. א'ע חזירים.
אויסגעקײַלעכט — אַדי, פּאַר
אויסקײַלעכן ←. וואָס מע האָט געמאַכט קײַלעכ(ד)יק,
רונדיק. „...מער ניט געלאַשטשעט די אייגענע

א'ע גלידער“, אָקרוטני, טמז, 1953 II ll.
אויסגעקײַקלט — דזוו אויסגעקויקלט ←.
אויסגעקילט — אַדי, פּאַר אויסקילן ←.
געוואָרן אָדער געמאַכט קיל, געלאַסן. א'ע
געדאַנקען. „להיפּוך צו זייער רבּין, דעם גרויסן
בּעל־התפּעלות, האָבּן זײַנע בּאַגלייטער א'ע
קעפּ„, חג, ישיבֿה.
אויסגעקינדלט — אַדי, פּאַר אדיסקינדלען

197

(זיך) ←. וואָס האָט געהאַט אַ צאָל קינדער;
וואָס קען ניט האָבּן מער קיין קינדער.
„ייִדענעס כּל־המינים: זאָגערינס, וויינעריגס,
שפּרעכערינס, א'ע„, ממוס, ווינטשפֿ. „זי איז
אַן א'ע, אַ 56־יאָריקע, נאָר אַ יונג־לײַבּיקע“,
בּערג, בּײַס דניע עך I.
אויסגעקינצלט — אַדי, פּאַר אויסקינצלען ←.
געמאַכט, געשאַפֿן קינסטלעריש, ווי אַ
קינצלער (מיט אַ סך גוט אויסגעאַרבּעטע פּרטים).
א'ע טאָקערײַען, בּילדער, פֿיגורן אע.
אויסגעקינצלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקינצלט. די
א, פֿון די מיניאַטורן.

אויסגעקירעוועט — אַדי, פּאַר
אויסקירעווען (זיך) ←. 1. אויסגעדרייט אויף צוריק (אין אַן אַנדער ריכטונג); איבערגעדרייט אויף דער לינקער זײַט. „זי איז פּונקט געזעסן צו אים א', זי האָט אים ניט געקענט באַמערקן„„ ש. סײַמאָן, צווײַגן. 2. וואָס האָט געביטן מיינונג(ען), פּאַרטיי(ען) (איר בײַטעם). „אַן א'ער איז ער אָנגעקומען צו אונדז און ער קירעוועט זיך ווײַטער“, רייד.
אויסגעקלאָגטקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקלאָגט (← אויסקלאָגן). „מיר קלאָגן אויפֿן לעצטן חורבן. אָבער ווער זאָגט עס אַז מיר זײַנען שוין געקומען צו אַן א'?„..
אויסגעקלאַפּט — אַדי, פּאַר אויסקלאַפּן ←.
1. וואָס מע האָט עס געקלאַפּט, געשלאָגן. „אַן א, ווײַב איז גוט אַ קוש צו טאָן„„ שון.
2. אויסגעפֿורעמט (דורך קלאַפּן מיט אַ האַמער). מיר זעען אויפֿן קופּער אַן א, פּנים.
3. אויסגעדראָשן, אויסגעמלויצעט;
אויסגעשלאָגן פֿון ווינט. מ□ t פֿאַרטײַטשט: ' ושדופֿות קדים, (בראשית, מא, 6) „און אויש גקלאפּטי פֿון דען ווינט פֿון מזרח“. „געדענק דאָס געמיט פֿון מײַן לעבן, דאָס איך בין ווי

א, גראָז און ווי אַ בלאַט פֿון דעם בוים“, איין
ניַע שס תּחינה, ששה סדריס, פּיעטרקובֿ
.18□1
אויסגעקלאַפּטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין, (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעקלאַפּט. אויסלייגן די טעפּעכער א'.
אויסגעקלאָקאָטשעט — אַדי, פּאַר
אויסקלאָקאָטשען ←. סל. אויסגעזאָדן,
אויסגעבֿרויזט. „די מאָדערנע מענטשהייט,
אויסגעקאָכט און א, אין מלחמות, האָט
אויסגעקאָכט אין זיך אַ שטיינערנע
גלײַכגילטיקייט...„, פּמ, פֿאַרבײַגייענדיק.
אויסגעקלאָרט — אַדי, פּאַר אויסקלאָרן
(זיך) ←. וואָס איז געמאַכט (געוואָרן) אינגאַנצן
קלאָר. א'ער ענין; א'ע פֿראַגע. „אַזוי האָט
געזונגען דער אויסגעלײַטערטער, א'ער...מאַני
לייבֿ„, יג, תּוך.
אויסגעקלאָרטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקלאָרט.
א, הערט עס אויף צו זײַן אַ פּראָבלעם.
אויסגעקלאָרטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקלאָרט.
דערגרייכן צו רואיקער א,.
אויסגעקלונגען — אַדי, פּאַר אויסקלינגען ←.

1. וואָס מע האָט וועגן דעם געגעבֿן

אויסגעקליידט

צו וויסן דורך קלינגען; וואָס מע האָט עס
פֿאַרשפּרייט, מפֿרסם געווען. א'ע טרעוואָגע.
□ע נײַסן. 2. באַרימט, וואָס מיט דעם קליגגט
די וועלט. א'ע נעמען. „האָבן זיי דערזען דעם
גאָון, דעם אויסגערימטן און א'עם“, חנ,
ישי□ה.
אויסגעקלונגענקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקלונגען;
באַרימטקייט. זײַן א, איבער דער וועלט.
אויסגעקל(י)אָשט — אַדי, פֿאַר 'אויסקל(י)
אָשן'. וואָס האָט אונטן די פֿאָרעם פֿון אַ גלאָק,
וואָס איז אונטן ברייט. א'ע הויזן. „איבער
זיי, ווי צוגעלאַטעט, מיט אַ דעכל א, שטייט
אַ שטיבל אַ של־ראָש“, רובֿ, נאָכט או□ף
נאַלעווקעס.
אויסגעקליבן — אַדי, פֿאַר אויסקלויבן ←,
~קלײַבן ←. ~געקליבענער. 1. אויסגעזוכט,
אויסגעפֿונען. די א'ע כלה. „דעמאָלט האָט...
דער שדכן אָנגעהויבן איר אײַנרעדן דעם א'עם

חתן“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 2.
אויסגעוויילט, באַשטימט דורך וואַלן. א'ער דעפּוטאַט.
א'ע פֿון קהל. 3. אויסדערוויילט, באַשטימט
פֿאַר עפּעס אַ שליחות; אויסגעזונדערט,
אויסגעטיילט. „...געלערנטע לײַט, איינציקע מענטשן,
כלומר א'ע מענטשן וואָס זײַנען גאַנץ פֿרום“,
חה, בּ, 274. „די גאַנצע חכמת הקבּלה איז
געווען באַהאַלטן...נאָר פֿאַר איינציקע א'ע, און
דאָס ניט עפֿנטלעך“, תּניא, 284. „אין די פֿיר
ווענט פֿון זײַן הויז אָדער פֿון זײַן געטאָ איז
דער ייִד געווען דער א'ער, דער אַריסטאָקראַט“,
קאָראַלניק II.
אויסגעקליבּנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקליבּן. די א,
פֿון דעם טאַלענטירטן.
אויסגעקליבּענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקליבּן.
פֿאַראַן אויך ווערעמדיקע פֿלוימען, מע קען
„זיי עסן בלויז א'“.
אויסגעקליגט —, אַדי, פּאַר אויסקליגן
(זיך) ←. 1. אויסגעטראַכט מיט קלוגשאַפֿט. אַן
א'ער תּירוץ. 2. קלוג געוואָרן. „א'ע מענטשן
אין אַ ראַפֿינירטער געזעלשאַפֿט...“, ייִבל, XXI,

190. „אַן א'ער בּעטלער וואָס ווייס אַ סך צו
זאָגן“, קוו, גרינגראָז.
אויסגעקליגטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקליגט. אַ
דערפֿאַרנקייט, אַן א'.
אויסגעקליגלט — אַדי, פּאַר אויסקליג..
לען ←. אויסגעטראַכט מיט אַ המצאה(לע),
אײַנפֿאַל (און איז ניט בּאמת אָדער טיף קלוג).
א'ע טעאָריע. „מיט די ציין הענג איו אויף
עטלעכע א'ע פֿראַגן„, נאַד.
אויסגעקליגלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקליגלט.
איבּערגעקליגלטקייט. „די א, פֿון דעם תּירוץ
וואַרפֿט זיך צו שטאַרק אין די אויגן„.
אויסגעקליידט — אַדי, פּאַר אויסקליידן
(זיך) ←. 1. וואָס האָט (זיך געלאָזט מאַכן)
אַלע נייטיקע מלבּושים. אַן א'ער חתן. “א,
און אויסגענייט איז ער ווי אָ מאָנאַרכע, מיט
געלע שיך“, זש, ממזר. 2. אָנגעטאָן אין
פּאַסיקע קליידער. א'ע פּאַר דער נסיעה אין

אויסגעקלעמטקייט

ווײַטן צפֿון. „אלי זענין שון פֿײַן אויס גקליידט

אויף פֿאַר אַפּראָסט", מס, משלי תּקע,,ד, לא, 21.

אויסגעקלעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקלעמט
(← אויסקלעמען, זיך).
אויסגעקלעפּט — אַדי, פּאַר אויסקלעפּן ←.
1. וואָס מע האָט אויף דעם געקלעפּט. א'ע
ווענט. 2. וואָס מע האָט געמאַכט דורך
קלעפּן. אַן א'ע מאַפּע. 3. צוגעקלעפּט.
,,מיט פֿליגלען א'ע אַרום בויו...", פּמ, 'ראַדיאָ'.
4. וואָס מע האָט אויסגעניצט בײַם קלעפּן.
א'ער פּאַפּ.
אויסגעקלעפּטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקלעפּט.
א, ווען די ווענט אַנדערש אויסזען.
אויסגעקלערט — אַדי, פּאַר אויסקלערן
(זיך) ←. 1. דזוו אויסגעקלאָרט, קלאָר געוואָרן.
א'ער מעד. ,,ס'האָט דער רעגן אויפֿגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,,, פּרץ,
לידער און פּאָעמען. "דאָס א'ע פּנים האָט
געלויכטן,,, אַפּאַ, 'אָפּגענאַרט זיך'. 2. או
סגעטראַכט, דערגאַנגען מיטן שׂכל, געשאַפֿן אין
דער פֿאַנטאַזיע. א'ע לופֿטשלעסער. ,,דער
צווייטער איז אין מיר אַן א'ער, אַ הונט וואָס

יאָגט נאָך מיר אַליין זיך אין געיעג", הל, „בײם
ראַנד'.
אויסגעקלערטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקלערט.
א, האָט דער מעד דעם אמתן טעם.
אויסגעקלערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקלערט.
אויסגעטראַכטקייט. „די אומרעאַלקייט, די א,
פֿון סיפּור־המעשׂה איז אַ חסרון„.
אויסגעקנאָטן — אַדי, פּאַר אויסקנעטן ←.
~געקנאָטענער. 1. פֿאַרטיק געמאַכט דורך
קנעטן. א'ע חלה. „אַלע ווײַבער זענען א, פֿון
איין טייג„, שע, זומער־לעבן [= זענען ענלעך,
האָבן איין כאַראַקטער]. 2. אויסגעפֿורעמט,
אויסגעקלעפּט, אויסמאָדולירט. א'ע פֿיגור. „ווי
פֿון טרויער א', וועט ער...באַגראָבן דאָ אַ
טאָרבע מיט געוויין", א. גרינבערג, אָפּקלײַב,
1957. 3. אויסגעטונקט, אײַנגעטונקט,
אויסגעמישט. א, אין יחוס. „דער זון פֿון אַ רבין
און בכלל אַן א'ער אין גרויס־חסידישן,
גרויסרביאישן יחוס", צײַט. 4. וואָס איז אַזוי
ווי אויסגעקנאָטן, טייגיק; פּוכקע. אַן א'ער
בעל־בשׂר, אַן א, ווײַבל.
אויסגעקנאָטנקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקנאָטן. אַן אַרטיסטישע א, פֿון די מינדסטע דעטאַלן.
אויסגעקנאַקט — אַדי, פּאַר אויסקנאַקן (זיך) ←. 1. וואָס מע האָט געמאַכט עס זאָל קנאָקן, אַ קנאַק טאָן. א'ע ביינער. „ער... ברעכט די א'ע פֿינגער“, הל, קיינעמס לאַנד. 2. איר. שרײַאיק אויסגעפּוצט. אַ פּראָסטער בחור, אָבער אַן א'ער.
אויסגעקנאַקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקנאַקט. דערלאַנגען די ניס א'.
אויסגעקנופּט — ← אויסקנופּן.
אויסגעקניבלט — דזוו אויסגעקאַלופּעט ←. לר.

1□8

אויסגעקנייטשט אַדי, פּאַר אויסקנייטשן ←. 1. וואָס האָט אויף זיך אַ צאָל קנייטשן. אַן א'ער שטערן. 2. וואָס איז געמאַכט (צוגעגרייט) דורך אויסקנייטשן. א'ע בויגנס צום אײַנבינדן.
אויסגעקנייטשטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקנייטשט. „דערלאַנגט מיר ניט אײַערע פּאַפּירן א'„.

אויסגעקנייטשטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעקנייטשט. די א, פֿון גאַנצן פּנים.
אויסגעקנײַפּט, ~געקניפּן — אַדי, פּאַר
אויסקנײַפּן ←. וואָס מע האָט עס אַ צאָל
מאָל געקנײַפּט, געקניפּן. א'ע בעקלעך.
אויסגעקניפּט — אַדי, פּאַר אויסקניפּן ←.
1. אויסגעבונדן מיט אַ קנופּ, קניפּלעך.
„דניעפּער...ניט צו זען מער אויף דײַן פֿליסן
א'ע פּליטן„, פּמ, קופּע. 2. וואָס איז אין
גוטע, נאָענטע, חבֿרישע באַציִאונגען. א, מיט
דער גאַנצער קאָמאַנדע, מיט נאַטשאַלסטווע.
*א, און אויסגעבונדן = נאָענט, אינטים
באַקאַנט.
אויסגעקנעט(ן) — אַדי, פּאַר אויסקנעטן ←.
דזוו אויסגעקנאָטן. צום בּ 4: „...אַן א'ער, מיט
אַ ווײַבעריש פּנים„, אָפּאַ, 'די משפּחה
זאַקהייס,. „ער האָט זיך לײַכט געהויבן אויף די
אָפּצאַסן און אַרײַנגעטענהט אין אַ יונג א,
ווײַבל“, אָפּאַ, טענצערין.
אויסגעקנעכלט — אַדי, פּאַר
אויסקנעכלען ←. 1. אויסגעוויכנעט, אויסגעלונקען,
אויסגעדרייט (נאָר וועגן פֿיס). 2. וואָס די
קנעכלעך שטאַרצן פֿון דעם אַרויס. „אַ הויכער,

אַ מאָגערער, מיט אַן אָפּגעבאַרעטער פּעל...
א'ע פּיס,,, שע, 'מתושלח'.

אויסגעקנעלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקנעלט
(← אויסקנעלן I & II). ניטאָ קיין אָריגינעלער
גדאַנק פֿאַראַן בלויז א,.

,

אויסגעקנעפּלט — אַדי, פּאַר
אויסקנעפּלען ←. 1. באַנײַט מיט אַ צאָל קנעפּלעך. א'ע
מונדירלעך. 2. אויסגעבונדן, אויסגעקניפּט. א,
אויס□עק□□טאָר אַלייו; א, מיטן פּריסטאַוו.
כ ט — אַדי, פּאַר אויסקעכלען ←.
מיט גוב

1. אויסגעהאָדעוועט, אויסגעכאָוועט,
פֿאַרזאָרגט מיט גוטע שפּײַזן. א'ע קינדער. ,,מע
קויפֿט אין מיטן ווינטער פֿרישע,
אויסגעכאָוועטע, א'ע בלומען", אַ. קאַהאַן, מענטשן פֿון
אַלקער. 2 פֿליישיק, פֿעט. אַן א, פּנים, א'ע

.

הענט. 3. פֿאַרצויגן, צעבאַלעוועט; וואָס האָט
אַ צאָל פֿאַרערערס. אַן א'ע פֿרײַלין.

אויסגעקעכלטקייט — □רי (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקעכלט. אַן

אויסגעצערטלטקייט, אַן א'.
אויסגעקעלטערט — אַדי, פּאַר
אויסקעלטערן ←. וואָס מע האַלט געגוג צײַט אין קעלטער. א'ער ווײַן. „איך טראָג פֿאַר אײַך... אַ לאָגל א'ע געזאַנגען„, קוו, לידער און פּאָעמעס.
אויסגעקעמט — אַדי, פּאַר אויסקעמען ←.
דזוו אויסגעקאַמט. „פּילץ צו מישן מיט פֿלאַקס טאָר מען ניט, ווײַל ער איז געגלעט, [האָ] א'ע האָר“, זרעים נ/1. „דער שקר...איז א, און

אוי געקראָכענערהייט

שמעקט מיט פּאַרפֿומעס“, פּרץ, 'שמאי ראָטמאַן'.
אויסגעקעמטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקעמט. אויסגעצוואָגענערהייט, א, שײַנען די מיידעלעך.

אויסגעקעמסט — אַדי, פּאַר אויסקעמפֿן ←.
וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אויסקעמפֿן. א'ע

רעכט, פֿרײַהייט. ,,דער אידעאַל איז יעמאָלט
ווערט, ווען ער איז...אַן א'ער, אָבּער ניט אַ
פֿאַרטיק־געגעבּענער“, ימ, איינהייטלעכע
פֿאָלקשול.
אויסגעקעסטלט — אַדי, פּאַר
אויסקעסטלען ←. געצייכנט אין (מיט) קעסטעלעך;
אײַנגעשטעלט אין קעסטלעך. ,,אַדעס איז א, ווי אַ
שאַכמאַט־בּרעטל,, פֿ. סיטאָ, אָט דאָם זײַנען
,

טיר.
אויסגעקערט — אַדי, פּאַר אויסקערן (זיך) ←.
1. אויסגערייניקט מיט אַ בּאַרשט,
בּעזעם. ,,וואו עס זײַנען דאָ אַ סך בּעל..
הביתטעס איז די שטובּ ניט א',,, שוו. 2.
איבּערגעדרייט פֿאַרדרייט, איבּערגעקערט. ,,אַ פּנים
,
— פּעך, מיט א'ע ווײַסלען“, יהואָש, 'לינטשן,.
,,זיי כאַפּן זיך אַליין אָן פֿאַרן גאָרגל און
שטאַרבּן מיט אַן א'ער צונג,,, הל, קיינעמס
לאַנד.
אויסגעקערטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקערט. א,
וועט דער אַלקער אויסזען ליכטיקער.

אויסגעקעשענעט — אַדי, פּאַר '
אויסקעשענען, (נבֿ). נעאָל. אויסגעשטעלט ווי אַן
אַרויסגערוקטע קעשענע. "...דעם סטעפּ מיט די א'ע
פּאַלאַטקעס, וואו ווינטן...האָבן געטריקנט
סאָלדאַטישע העמדער,,, פּמ, דור־אויס, דור־אײַן.
אויסגעקראָכמאַל(י)עט — אַדי, פּאַר
אויסקראָכמאַל(י)ען ←. אויסגעשטײַפֿט מיט
קראָכמאַל. ,,דאָס בלוזקעלע אירס מיט די פֿעלדלעך
זײַנען א, אַזוי אַז יעדעס שטייט באַזונדער",
ווײַס, 'דער איבערגאַנג'.
אויסגעקראָכן —, אַדי, פּאַר אויסקריכן ←.
~געקראָכענער. 1. וואָס די האָר פֿון דעם
זײַנען אויסגעפֿאַלן, אויסגעריבן. ,,...,
פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם לאַנגן א'נעם ווײדל צווישן די
הינטערשטע פֿיס,,, ממוס, קליאָטשע. ,,דער
מאָרגן קומט אַרײַן ווי אַ גראָער א'ער פּעלץ",
ווײַס ◌י, 'ווי דער גורל פֿירט,. ,,ווער דאַרף
אַ ייִדענע מיט אַן א, שייטל", הר פֿאַרנאַכט.

אַן א, שטרײַמל = א) מיט אַ' פּליך, אַ גאָלן

.
קאָפּ; בֿ) וואָס האָט פֿאַרלאָרן די דעה איבערן
קהל. פּסול ווי א'ענע ציצית. 2. בכלל
אויסגעריבן, אָפּגעטראָגן. א'ער מלבוש. 3.

אַרויסגעקראָכן. ״דאָס פֿאַרוויסטע באַנקבעטל, ערטערוויַיז מיט א'ע קישקעס קליאָטשע...האָט געהאַט דעם זיבעטן חן,,, ממוס, ווינמשפֿ.
4. אָפּגעניצט, באַנאַל. א'ע לאָזונגען.
אויסגעקראָכנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין אויסגעקראָכן. אַן אָפּגעניצטקייט, אַן א'.
אויסגעקראָכענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זיַין) אויסגעקראָכן. טראָגן אַ פּעלצל א'.

אויסגעקראַצט

אויסגעקראַצט — אַדי, פּאַר אויסקראַצן ←.
1. אויסגעריבן (מיט אַ נאָגל, אַ מכשיר).
2. אויסגעזוכט, אויסגעפֿונען פֿון אַ באַהאַלטענעם אָרט (איר). אַן א'ער תּירוץ, אַן א'ע קשיא.
אויסגעקראַקעט — אַדי, פּאַר אויסקראַקען ←. וואָס איז אַרויסגעבראַכט, אויסגעדריקט מיט קלאַנגען וואָס דערמאָנען אין קראַ־קראַ. א'ע רייד. ,,...באָזוכט...פּאָ'ס שטיבל און פֿאַרנומען דעם ראָבס א, 'קיינמאָל־מער'״, יג, תּוך.
אויסגעקרומט — אַדי, פּאַר אויסקרומען ←.

וואָס איז געוואָרן (געמאַכט) קרום [נאָר וועגן געאָמעטרישע ליניעס און פֿיגורן און וועגן אַבסטראַקטע ענינים]. א'ע ליניע. א'ער מוח, א'ע געדאַנקען.
אויסגעקרומטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקרומט. די פֿאָרמל פֿאַר דער א, פֿון דער ליניע.
אויסגעקרימט — אַדי, פֿאַר אויסקרימען (זיך) ←. וואָס איז געוואָרן (געמאַכט) קרום [וועגן אַלץ וואָס איז קאָנקרעט]. אַן א, פּנים, אַן א'ער דאַך. „אַ שוואַרץ הינטל מיט אַן א'ן רוקן און אַ הינקעדיק פֿיסל“, ממוס, שלמה. „צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אים אַרויס פֿון א'ן מויל“, פּרץ, 'בײַם גוסס צוקאָפּנס'. „מגושמדיקע שטיוולעטלעך אויף הויכע, א'ע קנעפּעלעך“, ממוס, ווינטשפֿ.
אויסגעקרימטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקרימט.
אויסגעקרימטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקרימט. „זע ווי די פּלייצעס שטעכן מיט א‘“, הל.
אויס(גע)קריסטאַליזירט — אַדי, פֿאָר אויסקריסטאַליזירן (זיך) ←. וואָס האָט באַקומען

די ענדגילטיקע (קאָמפּליצירטע) פֿאָרעם;
אויסגעקלאָרט. אַן א'ע סיסטעם געדאַנקען. „זייער
פּערזענלעכקייט איז ניט א'„, ימ, נײַס, 1926.
אויסגעקריצט — אַדי, פּאַר אויסקריצן ←.
1. אײַנגעשניטן; אויסגעצייכנט מיט אַ
שאַרפֿן אינסטרומענט. "וואָרום איז גאָר די עבֿירות
א, אויף די ביינער און ניט אויף דעם פֿלייש?
ווײַל די ביינער זענען ווײַס, זעט זיך דערויף
בעסער אָן", נצ2, קסח/א. „אַלע באַוועגונגען
פֿון זײַנע פֿאַליעס זענען נאָך א, אויפֿן פֿעלדזן
פֿון איבער דעם ערשטן געלעגער„, פּרץ, 'די
סקולער רביצין'. „געפֿינט מײַן אויג סימנים
א'ע אויף די ווענט", יהואָש, 'און איך אַליין„.
2. טיף אַרײַנגעדרונגען. א, אין האַרצן, אין
מוח, אין גײַסט.
אויסגעקריצטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעקריצט.
מע זעט עס בולט א„.
אויסגעקריצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעקריצט. א,
פֿון די לוחות.
אויסגעקרישלט, ~געקרישעט — אַדי,
פּאַר אויסקרישלען, ~קרישען (זיך) ←. וואָס
שטיקלעך פֿון דעם פֿאַלן אַרויס (זײַנען

אַרויסגעפֿאַלן). אַן א'ע וואַנט. „דערזען אַ שטיקל
צעפּוילטן...אײַנגעגראָבענעם סלופּ, אַן
אויסגעקרישעטן און שוואַרץ געוואָרענעם“, בערג,
אָפּגאַנג.

199

אויסגעקרעכצט — אַדי, פּאַר אויסקרעכצן
(זיך) ←. אויסגעדריקט דורך (מיט) קרעכצן.
א'ע ווייטיקן, צרות.
אויסגעקרענקט — אַדי, פּאַר
אויסקרענקען ←. 1. דורכגעלעבט מיט קראַנקייט(ן),
צרות.
א'ע יאָרן. 2. באַקומען מיט צרות,
מאַטערנישן (באַצאָלנדיק מיטן געזונט). א'ער נחת
וואָס קומט שפּעט אויף דער עלטער. 3.
באַצאָלט מיט צרות, מאַטערנישן (פֿאַר עפּעס
גוטס). א'ע □ -- נחת וואָס ווערט צעשטערט.
אויסגעקרעסטיקט — אַדי, פּאַר
אויסקרעפּטיקן ←. געמאַכט אינגאַנצן שטאַרק,
קרעפּטיק. „צוגעפּאַסטע און א'ע פֿאָרעם„, יג, טמז,
.I□ 1957 14
אויסגעראַזירט — אַדי, פּאַר אויסראַזירו ←.
אויסגעגאָלט. „אַ יונגערמאַן מיט אַן א'ער

צורקע“, חג, טמז, 6 1953 III.
אויסגעראַזירטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעראַזירט.
„...געבֿליבֿן שטעכיק אויך א„„ חג, טמז.
אויסגעראָט — דער. מצ נבֿ. נעאָל. אַקט,
פּראָצעס פֿון אויסגעראָטן ווערן. „אויף פֿײַער
טרעט מײַן טראָט, אָפּגרונט שלעפּט מיך צו
דעם דנאָ, שפּיגלט אָפּ מײַן א„ מאָלט פֿאַר
מיר מײַן לעצטע שעה“, לאַפּין, פֿולער קרוג.
אויסגעראָט — . פּאַר אויסראָטן I ←.
אויסגעראָטן — אַדי, פּאַר אויסראָטן I ←.
~געראָטענער. [קורצער אָ אין אַלע דיאַלעקטן].
אויסגעוואָרצלט, אויסגעמעקט, אומגעבֿראַכט.
דאָס א'ע פֿאָלק. א'ע מידות.
אויסגעראָטן — אַדי, פּאַר אויסראָטן II ←.
~געראָטענער. [אין דרום־דיאַלעקטן ו]. 1. אַ
סך מאָל אָדער זייער שטאַרק געעצהט יאָ צו
טאָן. אַן א'ער שידוך. 2. דזוו געראָטן. א'ע חלה.
אויסגעראָטן — אוטוו, אומפּ. געראָט אויס,
~געראָטן. [אין דרום־דיאַלעקטן ו]. דזוו
געראָטן, נאָר עמפֿאַטישער. זיך אײַנגעבֿן. פֿטמ. „ס'־
וועט אײַך ניט א, אונדז אויסצוראָטן“.
אויסגעראָט(ן) ווערן — פּאַס. ווער א', בין
געוואָרן א'. אומגעבֿראַכט ווערן

פֿאַרטי,

ליקט ווערן. אָפּט אין קללות: אַז א, זאָלט איר ווערן!

אויסגעראָטנקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. [קורצער אָ אין אַלע דיאַלעקטן]. מצבֿ פֿון זײַן אויסגעראָטן, אומגעבראַכט. באַוויינען די פֿאַרטיליקטקייט, די א'.

אויסגעראָטנקייט — די (דאָס), ־ן. [אין דרום־דיאַלעקטן ו]. דזוו געראָטנקייט, נאָר עמפֿאַטישער. אַזאַ בריה, אַזאַ א, אין אַלץ!

אויסגעראָיעט — אדי, פֿאַר אויסראָיען (זיך) ←. 1. אויסגעגראָבן; אויסגעזוכט, אויסגענישטערט. א'ע פֿון אונטער דער ערד. א'ע קופּע מיסט. 2. אויסגעוואַלגערט אין שמוץ, בלאָטע. „מעג איך אַפילו...א, זײַן אין טינוף, סמאַרק און בלאָטע — איז דאָס קיינעמס דאגה ניט„, יִיל, פּוילישע ייִנגל, 1895.

אויסגעראָיעטקייט — די (דאָס), ־ן. אײַנגעשאַפּט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעראָיעט. אַן א, אין בלאָטע.

אויסגעראַמט, ~געראָמט — אַדי, פֿאַר אויסראַמען, ~ראָמען ←. 1. אויסגערייניקט, אויסגעליידיקט. א'ע קעשענעס. 2.

טיק באַזײַטיקט, פֿאַרטריבן, אומגעבראַכט. די
א'ע שׂונאים פֿון דער באַוועגונג.
אויסגעראַמט, ~גערײַמט ווערן — פּאַס.
ווער א', בין געוואָרן א.. ווערן באַזײַטיקט,
פֿאַרטריבן, אומגעבראַכט. „דער רוח פֿון טומאה
ווערט א, ווערן פֿון דער וועלט“, תּניא, 234.
אויסגעראַמטקייט — די (דאָס), ־ן. אויך:
~ראָמטקייט. אויסגערייניקטקייט, אויסגע.
ליידיקטקייט; אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעראַמט.
אויסגעראַנגלט — אַדי, פּאַר אויסראַנגלען←.
וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט פֿון ראַנגלעניש,
קאַמף. א'ע פֿרײַהייט. „דער רום פֿון א'ע
קאַנטאָנען“, חג, „אַ נאַכט אין לוצערן'.
אויסגעראַנדזירט — אַדי. לאָקל (שאַקי,
ליטע). אויסגעבראַקירט. אַן א'ער פֿערד.
אויסגערוט — אַדי, פּאַר אויסרוען (זיך) ←.
וואָס האָט גענוג גערוט (פֿילט זיך אינגאַנצן
פֿריש). „און, איצונדרט ביקומט ער זיא וואול
אויש גערואט“, לט1, 1/6. „א, דורך לאַנגער
נאַכט, ליגן זיי האַלבּ־שלאָף האַלבּ־וואַך אין
דערוואַרטעניש אויף וואונדער“, הל, 'די שעה

פֿון געגאָד'.

אויסגערוטערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגערוט. א, אַרבעט זיך בעסער.

אויסגערוטקייט — די (דאָס), ־ן. אײַגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערוט. מיט בנעימותדיקייט און א, זיך נעמען צו עפּעס.

אויסגערויטלט — אַדי, פּאַר אויסרויטלען (זיך) ←. וואָס איז געוואָרן רויט(לעך). א'ע בעקעלעך, אַן א, פּנים.

אויסגערויטלטקייט — די (דאָס , ־ן. אײַגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערויטלט. אַ חנעוודיקע א'.

אויסגערויכערט — אַדי, פּאַר אויסרויכערן.

אויסגערויכערטקייט — די (דאָס), ־ן. ← אויסגערייכערטקייט. אײַגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערויכערט (← אויסרויכערן). אַ שטיקנדיקע א,.

אויסגערוימט — אַדי, פּאַר אויסרוימען ←. דזוו אויסגעראַמט. „אויף דער גאַס קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש, נישט איין יידישע בהמה. אַלע ווי א'", ממוס, ספֿר הבהמות.

אויסגערוימט ווערן — דזוו אויסגעראַמט ווערן ←.

אויסגערוימטקייט — דזוו אויסגעראַמטקייט.
אויסגערונד(יק)ט — אַדי, פּאַר
אויסרונד(יק)ן ←. געמאַכט (געוואָרן) קײַלעכדיק,
רונד. א, ווי אַ פּויק. „זי איז אינגאַנצן א',
מסתּמא שוין אין פֿינפֿטן חודש„, רייד.
אויסגערונען — אַדי, פּאַר אויסרינען ←.
1. וואָס איז בּיסלעכווײַז אַוועק, ניט געוואָרן,
אויספֿליסנדיק דורך אַן עפֿענונג, שפּאַלט. א,
וואַסער, א'ענער ווײַן. 2. וואָס איז אַנטלאָפֿן,
אָפּגעטראָגן זיך, פֿאַרשוואונדן, נעלם געוואָרן.
א'ע האָפֿענונג, טרייסט; א'ע ווײַסע־חבֿרהניקעס.
3. וואָס פֿון דעם איז די פֿליסיקייט אַרויס.
א'ע פֿעסער, א'ער קרוג.
אויסגערונען ווערן — נייטראַל. ווער א',
בּין געוואָרן א'. דזוו אויסרינען. „יאָגן נאָך די
בּלינדע אויגן, בּיז זיי ווערן א„„ הל, קיינעמס

אויסגערונענקייט

לאַנד. „האָסט געדאַרפֿט א, ווערן בּײַ מיר אין
בּויך„, סײַמאָן, צווײַגן. אָפֿט אין קללות: א,
זאָלסטו געוועזן ווערן פֿון דײַן מאַמעס בּויך!
א, האָסטו געמעגט ווערן איידער די מאַמע האָט
דיך געהאַט! א, זאָל דיר ווערן דאָס צווייטע

אויג, בלינדע צויג! אע. בײַם באַקלאָגן זיך
אויף אַ שווער לעבן: „האָב איך נישט
געמעגט א, ווערן בײַ דער מאַמען אין בויך?„„
ווײַס, 'אַ שלעכטע פֿרוי'. „וואָלט איך בעסער
א, געוואָרן, איידער איך בין געוואָרן אַזאַ
תּקיף אין די רעדאַקציעס!„„ בעל־מחשבֿות □י.
אויך: סתּם פֿאַרשוואונדן ווערן. ער איז (ווי)
א, געוואָרן. אויך: ביסלעכווײַז ניט ווערן,
← דפֿוו.

אויסגערונענקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערונען. אַזאַ
פּוסטקייט, אַזאַ אויסגעליידיקטקייט, אַזאַ א,.

אויסגערונצלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערונצלט
(← אויסרונצלען, זיך). א, פֿון שטערן.

אויסגערוסט — אַדי, פּאַר אויסרוסן ←.
אויסגעשמירט אין סאַזשע. א'ע פּנימלעך. „נאָר
זאָל מײַן שאָטן אויפֿן וואַנט, דער קלאַון דער
א'ער, ניט גרייסן זיך...“, מלה, 'אַ
באַנקעטערדע'.

אויסגערוסטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגערוסט. „די
קינדער קומען אויסגעברודיקטערהייט, א, אַרײַן
אין שטובֿ“.

אויסגערופֿן — אַדי, פּאַר אויסרופֿן ←. ~
גערופֿענער. געמאָלדן, געזאָגט הויך אויף אַ
קול; בּרייט בּאַקאָנט. א'ע בּאַפֿעלן; א'ע
פֿאַרזאַמלונג.
אויסגערופֿנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערופֿן. ס'איז
אַ דבֿר ידוע, ממש אַן א'.
אויסגעריבּן — אַדי, פּאַר אויסרײַבּן (זיך) ←.
~געריבּענער. 1. וואָס איז אָפּגעטראָגן,
אָפּגעריבּן, מיט אַ לאָך (לעכער); אָפּגעניצט. א'ע
שמאַטע, הויזן, עלנבויגנס, קני, פּיאַטעס; א'ע
פֿעל. „אַ ייִד, אַרומגעוויקלט מיט אַן
אויסגעדריוולטער, א'ער פֿאַטשיילע פֿון אַן אשה„,,
ממוס, שלמה. „דאָס בּאַנקבּעטל...מיט די
שלאַפֿע פּיס, א', צעטרענט„, ממוס, ווינטשפֿ.
„בּאָרוועסע פּיס האָבּן אַרויסגעקוקט פֿון די
א'ע שיך“, אַש, תּהילים—ייִד. „דער ראַדיקאַל
האָט פֿאַרמאָגט...פּלודערן מיט ראַדיקאַל־א'ע
זיצפּלעצער„, נאַד. 2. אײַנגעשמירט,
אײַנגעריבּן אין עפּעס. א, אין סאַזשע. „זע נאָר, איך
בּין פֿון הינטן ניט אויסגעריבּן אין קאַלך?„,
אַר, 'דער גמילות־חסד.,
3. וואָס מע האָט גערייניקט רײַבּנדיק מיט
עפּעס. א'ער סאַמאָוואַר. „טרעף איך אויפֿן טיש

די שיינע צוויי א'ע מעשענע לײַכטער,,, שע,
קליינע מענטשעלעך. *א'ער גראָשן =
אָפּגעריבּן, אָן אַ ווערט. א'ע קאָליע =
אויסגעטראָטענער וועג. ,,דאָס אומגליק פֿאַרגייט און
דאָס לעבּן טרעט אַרײַן צוריק אין זײַן א'ענער
קאָליע", ייִל, ניט טויט, ניט לעבּעדיק.

4. אײַנגעשטעלט, אָנגענומען, בּאַנאַל; וואַס
מע האָט צו שטאַרק אויסגעניצט,
איבּערגעחזרט. א'ע רייד, געדאַנקען. *גיין אויף אַן

א'עם דרך = אויסגעטראָטענעם וועג. ,,זיי
האָבּן דערצויגן די קינדער...נאָך דער אַלטער
שיטה, נאָך דעם א'עם דרך וואָס זיי האָבּן
פֿון אָבֿות אַבֿותים", ייִל, פּוילישע ייִנגל, 1895.

5. גענֿיט, וואָס האָט אַ סך דערפֿאַרונג
(וועלטזאַכן). ,,אויף די ביידע שיינע בּכּבֿודיקע
פּרנסות האָבּן דאָס רעכט נאָר עכטע א'ע,
אַלטגעזעסענע", ממוס, שלמה. ,,אַ מענטש
אַן א'ער, ניט קיין בּאַנקקוועטשער,,, ממוס,
אַלטע מע□ה. ,,...איז געווען אַ פּראָסטער ייִד,
נאָר אַ וועלטמענטש, אַן א'ער, וואָס איז
דורכגעגאַנגען דורך פֿײַער און דורך וואַסער
און דורך מעשענע רערן,,, שע, קינדעקשפּיל.

6. דורכגעטריבן, געביפט, וואָס קען (אַלע) זשוליקשע גענג. אַן א'ער ממזר(וק). "דער א'ער משולח, מיטן ניכטערן מוח, האָט פאַרשטאַנען..." חג, ישיבה. 7. (וועגן אַ פרו) סעקסועל אויסגעניצט. וואול.

אויסגעריבנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן אויסגעריבן. אַ דורכגעטריבנקייט, אַן א'. אַן אָפּגעטראָגנקייט, אַן א'.

אויסגעריבענערהייט —־ אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצב פון זײַן) אויסגעריבן. טראָג ניט די קאַפּאָטע א', קויף אַ נײַע.

אויסגעריוולט — אַדי, פאַר ,אויסריוולען, (נב). דזוו אויסגעדריבלט, אויסגעדריוולט. „ געגאַנגען איז ער סײַ ווינטער סײַ זומער אין אַ ריפּסענע א'ע קאַפּאָטע, וואו פון ריפּס איז כמעט קיין זכר ניט געבליבן,,, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. [פאַראַן אין פר.]

אויסגעריטלטקייט — די (ד ס) ־ן. נעאַל. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן אויסגעריטלט (← אויסריטלען). אַזאַ צעריסנקייט, צעזונדערטקייט, א'.

אויסגעריטן — אַדי, פאַר אויסרײַטן ←.

~געריטענער. 1. וואָס מע האָט אויף דעם

אַ סך געריטן. אַן א'ער וועג. 2. וואָס מע
האָט צוגעוואוינט צו האָבן אויף זיך אַ
רײַטער. „דאָס...פֿערד...איז גוט א„ אַפֿילו אַ קינד
קאָן אויף אים רײַטן“, פֿאָלקס־קאַלענדאַר,
אַדעס 1887. א'ע (זונה), וואול. *א'ער יונג
= דורכגעטריבענער, געניטער אין
פֿאַלשקייטן. „קוקט אים נאָר אָן דעם הולטײַ, דעם
ליגנער, דעם שקאָץ דעם א'ענעם“, יאַ,
גענאַרטע וועלט.
אויסגערײַזטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערײַזט
(← אויסרײַזן). א, איבער דער וועלט.
אויסגערייט — אַדי, פּאַר אויסרייען I ←.
אויך: ~גערייעט. אויסגעשטעלט אין אַ ריי
(אין רייען), א'ע קינדער. „טאָרבעס מיט ווייץ,
קאַנטעס מיט מילך זענען תּמיד געשטאַנען א,
אויפֿן שמאָלן שאַטרעלע„, ח. י. פּערל,
פֿאַרלאָשענע ליכט אין מאָרמאָרעש, 44.
אויסגערייכערט — אַדי, פּאַר
אויסרייכערן ←. אויך: ~גערויכערט. 1. וואָס מע
2. פֿאַרטיק געמאַכט, צוגעגרייט דורך דייכערן
האָט פֿאַרענדיקט רייכערן. אַן א'ער פּאַפּיראָס.

-

(רויכערן). א'ער הערינג.
3. וואָס מע האָט מיט (דורך) דעם אַ סך געררייכערט. א'ע ליולקע, פֿײַקע. *א'ע ליולקע

אויסגעריסן

= אויך: דורכגעטריבּן, געניט אין וועלטזאַכן, מיט אַ סך דערפֿאַרונג. „איך בּין שוין, בּרודער, אַן א'ע ליולקעלע, אַן אָנגעלערנטער“, ממוס, קליינמענטשעלע. „ווער קען נאָך אַזוי לערנען בּלק מיט איינעם ווי ער? ער איז אַן א'ע ליולקע“, ממוס, טאַקסע. *א'ע פֿײַקע = אויך: אַלטער, אַלטע (מיט אַ סך צרות אין לעבּן).
4. דורכגעטריבּן, געניט; אויך: סתּם אַלט. אַן א'ער יונג, חבֿרהמאַן. „...מיט אַ געפּענטעטן האָן, אַן אויסגערויכערטער, אַלטער תּרח„, ממוס, שלמה. 5. פֿאַרטריבּן.
אויסגעררייכערטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעררייכערט. מע דאַרף עס עסן א'.
אויסגעררייכערטקייט — די (דאָס), ־ן.

אויך:~רויכערטקייט. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערייכערט.

אויסגערייניקטערהייט אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגערייניקט. (→ אויסרייניקן). אָנטאָן א'.

אויסגערייניקטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערייניקט.

אויסגערייעט — אַדי, פּאַר אויסרייען II →. דזוו אויסגעראָיעט. א, אין בלאָטע. „די א'ע גריבער אויפֿן קייזער־שטראָז„, מעצקער, זיידנס פֿעלדער.

-

אויסגערײַסט — אַדי, פּאַר אויסרײַסן (זיך) →. אויסגעצײַטיקט פֿאַרגעסט זײַן צווײַג און

„ .

שטאַם דער פֿולער א'ער עפּל„, מל, 'דער בערןפּעלץ,. „אין דעם א'ן דערמאָנען איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר יחידישן פּחד“, יג, תּוך.

אויסגעריכט — אַדי, פּאַר אויסריכטן (זיך) →. 1. גרייט, צוגעגרייט; באַקליידט. אַן א'ער אין וועג. אַן א'ע כלה. א'ע ווירע = מיט

צייכנס פֿון לענג (סענטימעטערס, צאָלן). 2. וואָס מע האָט אויף דעם געוואַרט. אַן א'ער גאַסט.

אויסגערימט — אַדי, פּאַר אויסרימען ←.

אויסגעלויבט; באַקאָנט, באַוואוסט, פּאָפּולער. א'ער צדיק; א'ע שיינהייט. „האָבן זיי דערזען דעם גאָון, דעם א'ן און אויסגעקלונגענעם“, חג, ישיבֿה.

אויסגערימטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (איז) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגערימט. אָנקומען א'.

אויסגערימטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערימט. אַזאַ שם, אַזאַ א, איבער דער וועלט.

אויסגעריסט — אַדי. אויך (מיט אַ גרײַז) ~געריזט. דזוו אויסגערוסט. „די ייִנגלעך קרימען טשאַפּלינען נאָך...און טראָג וואָנסעס, פֿון סאַדזע אויסגעריזט“, בֿ. ווײַנשטיין, אַמעריקע.

אויסגעריסן — אַדי, פּאַר אויסרײַסן (זיך) ←. ~געריסענער. 1. אַרויסגענומען מיט גוואַלד, אויסגעפֿליקט, אויסגעצופּט; אַרויסגעשלעפּט, אַרויסגעצויגן. א'ע האָר. אַן א'ער צאָן. א'ער ביסן פֿון מויל. „איין סאה תּבֿואה א'ע און איין סאה ניט־א'ע רעכענען זיך ניט צוזאַמען“,

זרעיס, 2/21. ,,בּלינדע, הינקעדיקע, מיט א'ע זײַטן, אויסגעבּראָכענע פֿיס...,,, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. ,,גאַנצע הורבּעס בּיימער א'ע,,,

אויסגעריסן ווערן

אַל II, 'די לעצטע,..א'ער קנעפּל = עפּעס וואָס האָט ניט קײן ווערט. ,,איך וועל ניט געבּן פֿאַר דיר מיט דײַן ריידעכץ אַן א'עם קנעפּל,,.

2. אויסגעוואָרצלט; וואָס האָט דורכגעמאַכט צרות. א'ע ייִדן בּײַ אַלע גרענעצן. *האָבּן א'ע יאָרן = לעבּן אונטער זייער אַ שטרענגער השגחה און לײַדן דערפֿון. ,,ווען דער טאַטע איז געווען אַ מערגעניק [= זיך געיאָגט נאָך מיידלעך], האָט די טאָכטער א'ע יאָרן,,, שוו, ליטע. 3. דורכגעטריבּן, כיטרע (ס'רובֿ אַדוו). א, קלוג. אַן א'ער יונג.

אויסגעריסז ווערן — פּאַס, נייטראַל. ווער א', בּין געוואָרן א'. (← אויסרײַסן). 1. אויסגעוואָרצלט ווערן. “די זעלבּיגי בּיידי משפּחות זיינען אויז גיריסן גיווארדן פֿון דער וועלט, און, איז קיינר ניט פֿון זייא איבּר גיבּליבּן,,, לט1, 2/64. ,,ליבּע שוועסטער, דו ווערסט...א, פֿון אונדזערנס הויז, וואו דו האָסט געבּליט

ווי אַ יונגע בלומע אין פּאַראַדיז", ליאָנדאָר, 1887. 2. ליַידן אַ סך, האָבן כּסדר צרות. „אַז וואָלף וועט ניט וועלן דעם...צדיק צײַת זײַן, וועט ער א, וו'", יפּ, 50. „וויפל ייִדן ווערן פֿאַרשוואַרצט פֿאַרפֿינצטערט, א, פֿון דער
—
,
יוגנט ביז דעם סוף פֿון זייער ביטער לעבן,,, ממוס, שטורעמצײַט. „אינאיינעם געהונגערט, אינאיינעם א, געוואָרן", שע, 'פֿיר זײַנען מיר געזעסן,. „וואַלגערן זיך גאַנצע טעג און וואָכן אַרום אין פּאָליש...זיי ווערן א אַז עס איז
,
אַ רחמנות צו קוקן", אַש, תּהילים־יוד. אָפּט אין קללות (מיט ביידע ב): א, זאָל ער ווערן! א, זאָל ווערן זײַן מזל! 3. האָרעווען זייער שווער; אויסמאַטערן זיך; האָבן היזקות. „אַ מענטש האָרעוועט, ווערט א',,, ש טביה. „אַז מײַן שטרײַמל זאָגט אויף פֿיר אָקסן דורכאַנאַנד 'טריפֿה', ווערט דער קצב א'", פּרץ, 'דאָס שטרײַמל,.

אויסגעריסנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן (ווערן) אויסגעריסן. אַן אויסגעוואָרצלטקייט, אַן א'.

אויסגעריסענערהייט — אַדוו. ווען עס איז

(מען איז) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעריסן. א, וועלן די בלומען גיך פֿאַרוועלקן.

אויסגער▯עט — אַדי, פּאַר אויסרײַען ←. דזוו
אויסגעראָיעט, אויסגערייעט.

אויסגעריפּעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעריפּעט
(← אויסריפּען). די א, פֿון די פֿירהענגלעך.

אויסגערעדט אַדי, פּאַר אויסרעדן, ~
ריידן ←. אויך: וואָס עס איז בפֿירוש פֿאָרמולירט
געוואָרן. א'ע תּנאָים (פּרטים) פֿון אָפּמאַך.

אויסגערעדט זײַן — צזוו, דריטפּערזאָניק.
איז א', געוועגן א'. אויך: א, ווערן. 1.
אָפּגעמאַכט ווערן מיט פּרטים, געוני. זאָל עס
טאַקע אַזוי א, זײַן. 2. מיט נ י ט — זאָל
ניט אויסגערעדט זײַן: זאָל עס ניט דערמאָנט
ווערן, זאָל עס ניט פֿאַררעכנט ווערן צום
שלעכטן [בײַם דערמאָנען עמעצנס אַ חסרון,
בײַם זאָגן עפּעס ניט־גוטס וועגן אַ
געשטאָרבענעם אָדער וועגן אַ בעל־דעה וואָס מע האָט
מורא פֿאַר אים, בײַם דערמאָנען עפּעס וואָס
איז ניט פּאַסיק, ניט ווערדיק, ניט אָנגענומען;
אָפֿט אויך סתּם אין איבערגעלאָדענע ריי▯ד].

„עפּעס שמעקן אײַערע רייד מיט פּלפּול, ממש
סע זעצט אין נאָז, ניט א, זאָל זײַן„, ממום,
'צוריק אַהיים'. „זײַנס בּאַקומט דאָו דער
רבּונושל־עולם פינקטלעך: אַ שחרית, אַ מנחה, אַ
מעריבֿ...און אַ נדבֿה, זאָל ניט א, זײַן,
עטלעכע קאַפּיטלעך תּהילים אויך„, ממוס, שלמה.
„...מחמת דאָס רובֿ רײַכע מחותּנים זײַנען
בּטבֿע, ניט א, זאָל זײַן, גרויסע חזירים„,
שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „זי איז בּטבֿע אַ
פֿאַרבּיסענע ייִדענע געווען, נישט א, זאָל עס
זײַן“, פּרץ, 'בּילדער פֿון אַ רײַזע'. אויך ווען
מע וויל כּלומרשט זיך ניט בּאַרימען. „איך
האָבּ דער משפּחה גענוג געגעבּן, ניט א, זאָל
עס זײַן“, רייד.
אויסגערעכט — אַדי, פּאַר אויסרעכטן
(זיך) ←. דזוו אויסגעריכט.
אויסגערעכנט — —אַדוו. פּונקט, אַקוראַט,
גראָד אין דעם מאָמענט, דווקא. דאַרפֿסטו א,
איצט אַרײַנקומען! „מיין גיטרייאי פֿרומי ליבּי
מוטיר איזט אַך אויף דער צײַט גנגין און,
אויז גירעכניט האָט איין גרושי שׂמחה גיהאט“,
גה, ם)7.
אויסגערעכנט — אַדי, פּאַר אויסרעכענען

(זיך) ←. 1. באַרעכנט, אויסגעחשבונט. א'ע
חובות; אַ שווערע, אָבער שוין א'ע
מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע. 2. דורכגעטראַכט,
איבערגעלייגט. אַן א'ער ענטפֿער. „איטלעכר טרעט
פֿונים מענטשן איז בייא השי"ת אויס
גערעכונט", מס, משלי תּקע"ד, כ, 24. 3. וואָס
האָט תּמיד עפּעס אין זינען (געווייִנטלעך די
אייגענע טובֿה). אַן א'ער מענטש לײַט ניט
אַזאַ קבצן! 4. בכּיוון, באַוואוסטזיניק. א'ע
בייזקייט. 5. עקאָנאָמיש, שפּאָרעוודיק. אַן
א'ער לעבט ניט אַזוי פּרייט. לעבן א'. אַן א'ע
בעל־הביתטע. *א, אויף אַן אונץ = זייער
שפּאָרעוודיק. 6. פּריִער דערמאָנט; אָנגערופֿן מיטן
נאָמען, מיט פּרטים. „וויבאַלד עס פֿעלט איינס
פֿון דעם אַלעם וואָס איז דאָ א, — איז אָסור„,
לט2, 2/60. „די צאָל תּעניתים, א, אין תּיקוני
תּשובֿה פֿון דעם אריז"ל", תּניא, 378.
אויסגערעכנטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגערעכנט.
באַצאָלן ערשט א'. א, עמעצן באַליידיקן.
אויסגערעכנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגערעכנט. „וואו
איז אײַער חכמה, וואו איז אײַער א', ייִדעלעך?
רק איר כאַפּט זיך, רק איר יאָגט זיך!", ממוס,

שטורעמצ .ט.

אויסגעשאָבן — אַדי, פּאַר אויסשאָבּן ←.

~געשאָבּענער. אויסגעקראַצט (פֿון אינעווייניק); אויסגעשיילט. א'ע מערן. „אין צוויי א'ע קאַרטאָפֿלעס האָבן געבּרענט גראָשנדיקע ליכטלעך“, ייִט, טמז, 28 1943 III. *האָבּן א'ע קישקעס = האָבּן אַ גרויסן אַפּעטיט. *אַרבּעטן מיט א'ע קישקעס = זייער אָנגעשטרענגט, מיט אַלע כּוחות.

אויסגעשאָטן — אַדי, פּאַר אויסשיטן (זיך) ←.

~געשאָטענער. 1. פֿונאַנדערגעשפּרייט, פֿונאַנדערגעוואָרפֿן (מיט אַ צוועק אָדער צופֿעליק). קלייַבּן די א'ע עפּל. מיט זאַמד א'ע פּאָדלאָגע. דער וועג איז ניט א מיט בּלומען = פֿאַראַן אַ סך שוועריקייטן, צרות. „,

שימעאויסגעשאָרוועט

רירן פּערל...א'ע אין דעם זילבּערלעכן שניי„, טמוס, שלמה. 2. אַרויפֿגעטאָן, אַרויפֿגענייט (צוליבּ צירונג). „אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ די רויטע, מיט פֿאַלשע בּריליאַנטן א'ע סטענגע“, אר, 'די ציגײַנעריו'. 3. וואָס בּאַווײַזט זיך ווי

אַן אויסשיט אויפֿן לײַב. א'ע מאָזלען קרעץ.

אויסגעשאָטן ווערן — פּאַס. ווער א,, בּ I.
געוואָרן א,. (← אויסשיטן). אויך: בּאַדעקט ווערן מיט אַן אויסשיט (בּלאָטערן, פֿלעקן, פּרישטשעס) אויפֿן לײַב. א, וו, אויפֿן פּנים, פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס. *א, ווערן ווי אַ פּאַנצער = בּאַדעקט ווערן אינגאַנצן מיט אַן אויסשיט.

אויסגעשאָטנט — אַדי, פּאַר 'אויסשאָטענען, (נבּ). נעאָל. וואָס איז פֿאַרדעקט מיט שאָטנס. ,,אין בּלויע שויבּן בּליט די פֿייגלמילך, עס שווימען א'ע געשטאַלטן", חג, דער מאַמעו ון.

אויסגעשאָכטן — אַדי, פּאַר אויסשעכטן ←. ~געשאָכטענער. אויסגעקוילעט; אויסגעהרגעט, אויסגעמאָרדט אויף אַן אַכזריותדיקן אופֿן. דאָס א'ע פֿאָלק. די א'ע בּרידער. געפֿונען אין קרעטשמע אַן א'ע פֿאַמיליע.

אויסגעשאָכטנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנ.. שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשאָכטן. בּאַוויינען די א'.

אויסגעשאָכטענערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)

אויסגעשאָכטן.
אויסגעשאַלבּירט — אַדי, פּאַר
אויסשאַלבּירן ←. אויסגענאַרט, אויסגעזשוליקט. „עס
איז אַ מענטשן זיס דאָס אויס געשאַלבּורטע
שטיקל בּרויט", מס, משלי תּקע"ד, כ, 17.
אויסגעשאָלטן — אַדי, פּאַר אויסשילטן,
~שעלטן ←. ~געשאָלטענער. 1. וואָס מע
האָט געשאָלטן. א'ע שׂונאים. 2. וואָס מע
האָט אַרויסגעבּראַכט ווי אַ קללה. א'ע רייד,
טענות. 3. אומגליקלעך, וואָס לײַדט פֿון אַ
קללה. „די אַלע שכנים זענען נעבּעך
טויטהונגעריק, א'ענע און אויסגעקאָרעניעטע אויף
אַלע זײַטן", יודישער פֿאַר־פּסח, 1881.
אויסגעשאָלטנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשאָלטן. אַ
וויסטע א..
אויסגעשאַליעוועט — אַדי, פּאַר
אויסשאַליעווען ←. בּאַשלאָגן מיט שטיקלעך האָלץ,
בּרעט(לעך).
אויסגעשאָסן — אַדי, פּאַר אויסשיסן ←.
~געשאָסענער. 1. אויסגעפּלאַצט,
אויסגעקנאַלט. דער א'ער געלעכטער, שאַמפּ ניער.
2. וואָס מע האָט דערשאָסן. די א'ע האָזן.
3. וואָס מע האָט פֿון דעם געשאָסן. דער

א'ער האַרמאַט. 4. גיך אויפֿגעוואַקסן. אַן א'ע
פֿון פסח ביז סוכות.
אויסגעשאָסענערהייט —, אַדיִו. ווען עס איז
(מע האָט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעשאָסן. געפֿונען די פֿלעשער מעד א'.
אויסגעשאָרוועט — אַדי, פֿאַר
אויסשאָרוען ←. אויסגערייניקט, אויסגעריבן. „איבער
די שפּיצן בערג...האָבן זיך געשלענגלט א'ע
זאַמד־פּאָסן„, ווײַס, 'קליינע שטעטלעך'.

אויסגעשאָרן

אויסג רן — אַדי, פֿאַר אויסשערן ←.
אויסגעשניטן מיט אַ שער. אַן א'ער פּאַס האָר.
א'ע שבֿועותלעך, רויזן.
אויסגעשאַרפּעט — אַדי, פֿאַר
אויסשאַרפּען ←. אויסגעפֿליקט (שטיקערווײַז); ניט
גלאַט.
„די פּאָדלאָגע איז געווען...א, פֿון די פֿיס“,
מאָל, פֿון לובלין ביז ניו־יאָרק.

-

אויסגעשאַרסט — אַדי, פֿאַר אויסשאַרפֿן ←.
וואָס איז (געמאַכט) אינגאַנצן שאַרף. „...איין

אויסגשארפּטי פּײַל איז דער מענטש וואָס זאָגט אויף זײַן פֿרײַנט פֿאַלש עדות", מס, משלי תקע"ד, כה, 18. „דער מענטש קען באַלעבאַטעווען אויף זיך אַליין דורך זײַנע א'ע און אויסגעאײדלטע חושים„, חג, ישיבה.

-

אויסגעשאַרסטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשאַרפֿט. זיך ניט שפּילן מיטן מעסער א,.

אויסגעשאַרסטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשאַרפֿט. די א, פֿון חושים.

אויסגעשדכנט — [...שאַדכנט] אדי, פּאַר אויסשדכנען ←. וואָס איז ביזן סוף דורכגעפֿירט מיט דער הילף פֿון אַ שדכן; וואָס מע האָט אַ צאָל מאָל געשדכנט. אַן א'ע כלה; אַן א'ער שידוך.

אויסגעשדכנטקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל. צונויפֿגעפּאָרטקייט (אויף אַ מאָדנעם אופֿן). „די א, פֿון לינקע אײַנשטעלונגען און גבֿירישן לעבן".

אויסגעשוואומען — אַדי, פּאַר אויסשווימען ←. ~געשוואומענער. וואָס האָט

דורכגעשוואומען אַ צאָל וואַסערן; וואָס מע האָט אויף (אין) דעם געשוואומען. דער א'ער קאַנאַל. א'ע שיפֿן.
אויסגעשוואַכט — אַדי, פּאַר אויסשוואַכן ←.
וואָס איז (ווערט) סיסטעמאַטיש אָפּגעשוואַכט.
די א'ע אין לאַגער. דער א'ער שטראָם.
אויסנעשוואָלן ווערן — נייטראַל. ווער א',
בין געוואָרן א,. דזוו געשוואָלן ווערן, נאָר
עמפּאַטישער; אינגאַנצן געשוואָלן ווערן. "די פּיס
-

זײַנען מיר אויף דער עלטער אויסגעשוואָלן
געוואָרן", רייד.
אויסגעשוואָרן — אַדי, פּאַר אויסשווערן ←.
~געשוואָרענער. וואָס מע האָט אויף דעם
אַרויפֿגעלייגט אַ שבֿועה. די א'ע עדות.
אויסגעשוויגן — אַדי, פּאַר אויסשווײַגן ←.
~געשוויגענער. וואָס ווערט אויסגעדריקט
דורך שווײַגן; וואָס האַלט כּסדר אין שווײַגן.
„א, וואָרט אויף ליפּן זײַן אייגן קול
דערהערט", לאפּין, פּולער קרוג. „אונטער א'ע
קופּאָלן בליט אַ וועלט — אַ קינד פֿון זיבן
יאָר„, סוצ, סיביר.
אויסגעשוויגנקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשוויגן. אַן אײַנגעהאַלטענע שטילקייט, אַן א'.
אויסגעשוויטשעט — אַדי, פּאָר
אויסשוויטשען ←. סל. אויסגעבילדעט, אויפֿגעקלערט, געניט און באַקאָנט אין וועלטזאַכן. דער א'ער יונגערמאַן.
אויסגעשוויצט — אַדי, פּאַר אויסשוויצן ←.
וואָס מע באַקומט דורך (מיט) שוויצן, מיט גרויסער מי. דאָס א'ע שטיקל ברויט.

2()2

אויסגעשוועכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשוועכט (← אויסשוועכן).
אויסגעשוועַנקט — אַדי, פּאַר
אויסשוועַנקען ←. אויסגערייניקט מיט וואַסער (פֿליסיקייט). א'ער האַלדז. „אויף ערשטער ברכה מײַנער וואַרטן א'ע ווײַטן“, פּמ, סתּם.
אויסגעשוועַנקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשוועַנקט.
א, דאַרף מען גוט אויסדררייען די לײַלעכער.
אויסגעשוירן — אַדי, פּאַר אויסשערן ←.
פּר. דזוו אויסגעשאָרן. „אָנשרײַבן צוריק אַן

ענטפֿער אויף אַ קליין...א, רעדעלע פּאַפּיר“,
ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג,.
אויסגעשהורט — [...שאָכערט] אַדי, פּאַר
אויסשחורן ←. 1. פֿאַרשוואַרצט. 2. וואָס האָט
צו טאָן בלויז מיט שוואַרצע (שפּאַסיק). „וואָס
קען מען שוין האָבן פֿון א'ע געשעפֿטן?“
3. (גנבֿים־לשון) פֿאַרמסרט. „דער אַלטער איז
א'“, בּימקאָ.
אויסגעשטאַט — אדי, פּאָר אויסשטאַטן ←.
אויך: ~געשטאַטעט, דטשמ. פֿאַרזאָרגט
מיטן נייטיקן (מיט סחורה, מעבל, מכשירים
אאַזוו). אַן א'ער וואַרשטאַט. א'ע צו דער נסיעה.
אויסגעשטאָכן — אַדי, פּאַר אויסשטעכן ←.
~געשטאָכענער. 1. וואָס מע האָט אין דעם
געמאַכט אַ לאָך (לעכער, לעכלעך) מיט אַ
שפּיציקן מכשיר. א'ער בלאָטער. 2.
פֿאַרוואונדיקט אָדער אויסגעהרגעט דורך שטעכן.
אַן א'ע משפּחה. „מײַן טאָג איז א, וו אַ זיפּ', ,
מאָל, פֿריידקע. 3. אויסגענייט,
אויסגעשטיקט. *א'ע אויגן = חוצפּהדי ,
אומפֿאַרשעמט.
אויסגעשטאָכענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטאָכן.

געפֿינען די קרבנות פֿון פּאָגראָם א'.

אויסגעשטאָלט — אַדי, פּאַר אויסשטאָלן ←.

וואָס איז געמאַכט ווי (פֿון) שטאָל. „מײַן האַנט וועט קיין איין ציטער נישט טאָן, א, איז זי שוין“, לאַפּין, פֿולער קרוג. „...אינגאַנצן כשר, פֿון פֿרומקייט א'“, ווײַס, קנאה און תּאווה.

אויסגעשטאַלט(יק)ונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגעשטאַלט(יק)ן. „דעם זעלבן שטויב אויף פֿרישן ליים פֿאַרמיש צום קנעטן, און צו אַ נײַער א, אים דערהייב“, הל, בלאַט אויף אַן עפּלבוים.

אויסגעשטאַלט(יק)ן — טרוו.

געשטאַלט(יק) אויס, ~געשטאַלט(יקט). אויספֿורעמען, שאַפֿן געשטאַלט(ן). א, פֿון מירמלשטיין. „...זאָלן דערצויגן און אויסגעשטאַלטיקט ווערן קינסטלער...“, יג, תּוך. „אין פֿורעם ליגט דער סוד פֿון ווערן אויסגעשטאַלט“, לאַפּין פֿולער קרוג.

אויסגעשטאַלטיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

קריגן געשטאַלט, נוסח: אויספֿורעמען זיך.

אויסגעשטאָלטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטאָלט. די א, פֿון כאַראַקטער.

אויסגעשטאַמלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטאַמלט. אַן אומבאַהאָלפֿענע א'.
אויסגעשטאַנען — אַדי, פּאַר אויסשטיין

אויסגעשטאַרט

(זיך) ←. 1. וואָס מען איז בײַ דעם
געשטאַנען וויפֿל עס איז נייטיק. די א'ע שמונה־עשׂרה.
2. וואָס געדויערט לאַנג. א'ער קוש. 3.
אויסגערדט. „ביידע שטאַרק שוואַרצע א'ע פֿערד
האָבן אַ ציטער געטאָן„, בערג, ,יוסף שור'.
4. וואָס איז (געוואָרן) גוט (בעסער) דורך
שטיין אַ לענגערע צײַט. א'ער ווײַן, מעד.
5. אויסגעהאַלטן, איבערגעטראָגן;
איבערגעלעבט, דורכגעליטן... א'ע צרות. א'ער בלבול.
„נאָך אַל אונזיר אויז גישטאנדני און רוא
[= אומרו] אונ, זאָרג אונ, צרות, אלזו זענין
מיר אין גוטיר פֿאַרגניגליכקייט פֿאַר הנובֿיר
גיקומין“, גה, 156.
אויסגעשטאַנענקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטאַנען; וואָס איז גרייט צום עסן, טרינקען אע.
אויסגעהאַלטנקייט. „...אַ כּלה־מויד...מיט אַ לײַב

אָנגעגאָסן מיט א',,, י. פערלע, גילדענע פאַווע.
אויסגעשטאָפּט — אַדי, פּאַר אויסשטאָפּן ←.
1. אָנגעפּילט פֿון אינעווייניק מיט אַ
מאַטעריאַל, שטאָף. א'ע פֿעלן פֿון חיות; אַן
א'ער פֿויגל. אַן א, העלדזל. ,,דער א'ער הירש
וואָס אויף דער וואַנט מאַכט אומעטיקער
נאָך דעם אומעט פֿון דער שענק,,, מענדל
נײַגרעשל, צוק, 2 .1960 X.
איבערגעפֿיטערט, פֿעט געמאַכט. אַן א'ער אינדיק אויף
פּסח. אַן א'ע ל אַלקע = אַ דיקע פֿרוי (
גאַלי י
ציע). 3. וואָס מאַכט ניט קיין נאַטירלעכן
אײַנדרוק; אויפֿגעבלאָזן, אָנגעבלאָזן. ,,
סענטימענטאַליזם...אַ מין א, געפֿיל, אַ שטייגער ווי
אַן א'ער פֿויגל וואָס פֿליט נישט...אָט דאָס
א'ע געפֿילעכץ האָט צוגעשטעלט...,,, צײַט, טמ ,
19 X 1955. אַן א'ע דרשה = מיט אַ סך
.
ציטאַטן, מיינונגען פֿון אַנדערע. ,,צו
בּרמצווה האָט ער אַן א'ע דרשה געזאָגט“, פּרץ,
ליטעראַטור און לעבן.
אויסגעשטאָפּטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטאָפּט.
האַלטן קעפּ פֿון הירשן א'.

אויסגעשטאָפּטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטאָפּט.
אָנגעבלאָזנקייט, א, פֿון אַ באַנקעט־רעדע.
אויסגעשטאָרבן — אַדי, פּאַר
אויסשטאַרבן ←. ~געשטאָרבענער. 1. אַוועקגעשטאָרבן
(וועגן אַ צאָל, אַ גרופּע). דער א'ער דור.
,,הײַנט קלאָגסטו...אויף יונגע פֿרילינגס און
אויף זומערס וואָס ליגן אַלע א'", הל,
טרעבלינקע. 2. וואָס מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון
טויט; אָן שום באַוועגונג און קלאַנגען. די א'ע
געגנט, גאַסן. ,,אין דער א'ער געטאָ האָט זיך
צערוישט די שטילקייט,,, חג, מאַמעס שבתים.
אויסגעשטאָרבנקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטאָרבן. די א, פֿון בײַנאַכטיקע גאַסן.
אויסגעשטאַרט — אַדי, פּאַר אויסשטאַרן ←.
וואָס איז מיט אַן אומבאַוועגלעכן,
אָנגעשטרענגטן קוק, אָדער מיט אַרויסגעשטעלטע
אויגן (וואָס זעען ניט). אַן א'ער בליק. ,,מגולגל
ווערן אין עפּעס אַ פֿאַרגליווערטער
שטומעניש...מיט צוויי א'ע חיהשע שוואַרצאַפּלען",
הל, אַלטמאָדיש'.
,

אויסגעשטאַרצטערהייט

אויסגעשטאַרצטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטאַרצט. גיין מיטן בײַכל א'.

אויסגעשטאַרצטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטאַרצט. אַ קאָנטיקע א'.

אויסגעשטאַרצ(ע)ט — אַדי, פּאַר אויסשטאַרצ(ע)ן ←. אַרויסגעשטעלט, אַרויסגערוקט פֿאָרויס; געמאַכט בולט. „אַ גערגעלע מיט אַן א'ן קאָפּ“, ממוס, קליאַטשע. „גרויסע, א'ע אויגנאַפּלען וואָס לויערן און חוזקן שטילערהייט„, בעל־מחשבֿות □ יI.

אויסגעשטודירט — אַדי, פּאַר אויסשטודירן ←. דזוו אויסשטודירט, נאָר פֿטמ. „דער א'ער אוטשיטעל האָט זיך ניט באַניגט מיט יענעם אַרטיקל...“, קמ, 17 1865, No. „איז זשאַמעס לערער גראָד געווען אַן א'ער שקלאָווער אַפּיקורס“, זש.

אויסגעשטודירטערהייט — אַדוו.

אויסגעלערנטערהייט, אויסגעפֿאָרשטערהייט. א, וועט דער ענין ווערן פֿאַרשטענדלעך.

אויסגעשטודירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטודירט. אויסגעלערנטקייט, אויסגעפֿאָרשטקייט.
אויסגעשטויבּטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטויבּט
(← אויסשטויבּן). די א, פֿון גאַסן, וועגן.
אויסגעשטויסן — אַדי, פּאַר אויסשטויסן ←.
~געשטויסענער. 1. וואָס מע האָט עס אַ
צאָל מאָל אָדער שטאַרק געשטויסן. א'ער
שיכּור. א'ע בּהמה. 2. וואָס מע האָט עס
צוגעגרייט צו עפּעס דורך (אויס)שטויסן. א,
מצהמעל, גאָגעלעך; א'ער פֿעפֿער. 3.
אַרויסגעשטויסן פֿאַרטריבּן. ייִדן, א'ע פֿון האַנדל, האָבּן
געמוזט...
אויסגעשטויסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטויסן. אַ
דין־דינע א,.
אויסגעשטויסענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטויסן.
אַרײַנגעבּן צימרינג א,.
אויסגעשטויסערײַ — דאָס & די, ־ען. פּד.
דזוו (גע)שטויסערײַ, נאָר עמפֿאַטישער;
שטופּערײַ. אַן א, ווי אויף אַ יריד.

אויסגעשטומטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטומט (← אויסשטומען). אַן א', אַ פֿאַרשווײַגעניש.

אויסגעשטונקען — אַדי, פּאַר אויסשטינקען ←. ~געשטונקענער. דורכגענומען, דורכגעדרונגען מיט אַ שלעכטן ריח. א'ע פֿיש; א'ער באַראַק.

אויסגעשטונקענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטונקען. „דאָ האָט מען געגעסן פֿלייש א'".

אויסגעשטופּט ־— אַדי, פּאַר אויסשטופּן ←. אויסגעשטויסן ב1, ב2. א'ע פּלייצעס און זײַטן.

אויסגעשטופּלט — אַדי, פּאַר אויסשטופּלען. 1. וואָס האָט קאַרבן, צייכנס פֿון פּאָקן (אָדער אַן אַנדער קראַנקייט וואָס לאָזט איבער ענלעכע סימנים). אַן א, פּנים. א, ווי נאָך פּאָקן; א, ווי אָ ריבאײַזן. 2. וואָס איז ענלעך אויף

סימנים פֿון פּאָקן; אויסגעלעכערט, מיט פֿאַרטיפֿונגען. אַן א'ע מצה. „אַ של אַך אַן א'ער

י

מיט בראָק און גריבער", פּמ, מלחמה.
אויסגעשטופּערײַ — דאָס & די, ־ען. פּד.
דזוו (גע)שטופּערײַ, נאָר עמפּאַטישער;
שטויסערײַ. געווען אַן א, בײַם רבין צו
שלשסעודות.
אויסגעשטורעמט — אַדי, פּאַר
אויסשטורעמען ←. 1. וואָס האָט אָנגעהויבן שטורעמען.
א'ע פּראָטעסט־געשרייען. 2. וואָס האָט
געענדיקט שטורעמען. אַן א, געוויטער. 3. וואָס
איז בײַגעקומען, בײַגעשטאַנען שטורעמ(ס).
אַן א'ע פֿעסטונג. 4. וואָס איז אײַנגענומען
געוואָרן מיט שטורעם.
אויסגעשטורעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטורעמט. א, פֿון פּראָטעסטן.
אויסגעשטיגן — אדי, פּאַר אויסשטײַגן,
אוטוו ←. ~געשטיגענער. אַראָפּגעגאַנגען,
אַרויסגעקומען. די א'ע פּאַסאַזשירן.
אויסגעשטײַגט — אַדי, פּאַר אויסשטײַגן,
טרוו ←. וואָס שטײַגט איבער, גיט העכערן
פּרײַז, דערגרייכט מער אין אַ פֿאַרמעסט. אַן
א'ער אין לערנען.
אויסגעשטייניקט — אַדי, פּאָר
אויסשטייניקן ←. 1. באַפֿרײַט פֿון שטיינער. אַן א, שטיק

לאַנד. 2 פֿאַרפֿעסטיקט, געמאַכט מיט
שטיי.
נער. אַן א'ער ברוק. „אַן אינדזל, פֿון
קאָראַלן א'“, טקאַטש, דאָרשט צום קוואַל.
אויסגעשטיינערט — אַדי, פּאַר
אויסשטיינערן ←. דזוו אויסגעשטייניקט, נאָר אָפֿטער,
פֿאָלקסטימלעכער. „די בריטשקע טראָגט זיך...
איבערן א'ן וועג“, אָפּא, פּוילישע וועלדער.
אויסגעשטיינערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטיינערט. אַ פֿעסטקייט, אַן א'.
אויסגעשטײַערט — אַדי, פּאַר
אויסשטײַערן ←. אויסגעשטאַט (צו דער חתונה) מיט
דעם
פּאַסיקן (געגוג גרויסן) אויסשטײַער; בכלל
צוגעגרייט (מיט מלבושים, שפּײַז, אַנדערע
נייטיקע זאַכן) צו עפּעס. אויסגעפּראַוועט די
א'ע כלה; א'ע צו (פֿאַר) דער ווײַטער נסיעה.
אויסגעשטײַערט — אַדי, פּאַר
אויסשטײַערן ←. וואָס מע האָט אויף דעם אַרויפֿגעלייגט
שטײַערן, אָפּצאָל. שווער א'ע קליינקרעמערס.
א'ע פּאַפּיראָסן.

-

אויסגעשטײַסט — אדי, פּאָר אויסשטײַפֿן ←.
אויך: וואָס איז שטענדיק שטײַף. „א'ע
אַריסטאָקראַטן“, ייִט, פּוילן I I.
אויסגעשטײַפֿטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטײַפֿט.
אַן אָנגעבלאָזנקייט, אַן א'.
אויסגעשטילטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטילט
(← אויסשטילן). די א, פֿון דער לבֿנה־נאַכט.
אויסגעשטימט — אַדי, פּאַר אויסשטימען
(זיד) ←. 1. אויסגעפּאַסט, צוגעפּאַסט; וואָס
האָט ניט קיין קאָנפֿליקטן. א'ער זיווג. „די
קינדער האָבן ניט געהאַט קאָנפֿליקטן מיט זייער
סבֿיבֿה, זיי זענען געווען א, מיט זייער אַרום„,
ימ, קולטור און דערציאונג, 1943. 2. וואָס
מע האָט געמאַכט עס זאָל האָבן דעם ריכטיקן

טאָן. א'ער קלאַוויר, א'ע פֿידל. 3.
אויסבאַלאַנסירט, ריכטיק אויסגערעכנט,
נאָכקאָנטראָלירט. א'ע חשבונות.
אויסגעשטימטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטימט.

א, וועט עס בעסער קלינגען.

אויסגעשטימטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטימט. אַ הארמאָנישקייט, אַן א,; אַ שלום־בית, אַן א, פֿון כאַראַקטערס און געשמאַקן. ,,קען א, דעפֿינירט ווערן פֿאַרקערט: ס'איז די אינעווייניקסטע באַפֿרידיקונג פֿון אַ מענטשן מיט זײַן פּלאַץ אין דער סבֿיבֿה“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט. “...צו אינעווייניקסטער א, מיט די אינטערעסן פֿון בריטן ייִדישן כּלל“, ייִבֿל, XXIII, 15. —

אויסגעשטיסטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטיפּט (← אויסשטיפּן זיך). אַרײַנקומען אין קלאַס א'.

אויסגעשטיקט — אַדי, פּאַר אויסשטיקן I & II ← .1. אויסגעוואָרגן. ,,...ווי אַ טכויר בײַ אַ קופּע א'ע עופֿות“, פּמ, קופּע. 2. אויסגעהעפּט, אויסגענייט. ,,אַ טונקל־ברוינע חופּה, א, מיט זילבער־קווייטן,,, יהואָש, 'די נאַכט פֿאַר מתּן־תּורה'.

אויסגעשטיקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטיקט. ביידע בבֿ. געפֿינען די הינער א'. שענקען דאָס תּפֿילין־זעקל א'.

אויסגעשטיקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אײגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטיקט,
בײדע בבֿ. א, פֿון אַלע קלאַנגען און קולות.
אַן א, מיט (פֿון) פֿעדעם פֿון כלערליי קאָלירן.
אויסגעשטעלט — אַדי, פּאַר אויסשטעלן
(זיך) ←. 1. אַוועקגעשטעלט אין אַ ריי (אָדער
אַן אַנדער אופֿן), אויסגעסדרט; געשטעלט (
געלייגט) אע אַזוי מע זאָל גרינג דערזען. א'ע
אין רייען. „מלאָכים מיט פֿליגל שטייען אַרום
דײַן וויגל אַ גאַנצע נאַכט א'“, עט, לידער.
„...ספֿרים, א'ע אין די קלייטן“, ממוס,
שלמה. א'ע בילדער. *א'ער פֿילגליד —
פֿילגליד לויט אַ געוויסער סיסטעם, למשל:
□־□ן□) + □־2 .□n□ + n. אויסמעבלירט.
אַ שיין א'ע שטובֿ. „אַ זיידנס שטובֿ איז א,
געוויינטלעך אַזוי: לאַנגע הילצערנע בענק...“,
ממוס, שלמה. 3. באַשטימט, אַרײַנגעשריבן,
פֿאָרמולירט. עס קומט די א'ע צײַט. „...ניט
צאָלן אויף די וועקסלען צום א'ן טערמין“,
ממוס, ווינטשפּ. „די שמשים זײַנען שוין אויף
די פּאָסט אַוועקגעלאָפֿן מיט לאַנגע א'ע
דעפּעשן“, ווײַס, 'מזל־טובֿ'.
4. גוט צוגעגרייט, אַראַנזשירט; בכיוון
געגעבן אין אַ געוויסער פֿאָרמולירונג. א, פּשטל

= אַן אײַנגעלערנטס. ,,האָט מען גלײַך פֿאַרשטאַנען אַז דאָס זײַנען נאָר א'ע פּשטלעך“, אמד. ,,דער מתנגד האַלט די קינדער בײַ דער גמרא און קוועלט אָן אַז דער זון זאָגט אים אַן א, פּשטל“, ארז, קמ, 8 1870 ,No. א'ע ק ש י א = וואָס דער רבי ווײַזט אָן, לערנט אײַן (און ניט דער תּלמיד פֿרעגט זי). ,,ער האָט געזאָגט אַ דרשה וואָס דער בעלפֿער האָט מיט אים וואָכנלאַנג אײַנשטודירט, די אָפּפֿרד

אויסגעשטעלט זײַן

גערס האָבן אים געפֿרעגט א'ע קשיות, און ער האָט זיי געענטפֿערט נאָך פֿאָרשריפֿט,,, ארז, קמ, 5 '1866 ,No. א'ע זאַך = צוגעגרייטע, אײַנגעלערנטע. ,,מע וועט הײַנט צו מוסף זאָגן אַן א'ע זאַך,,, שע, מאָטל. ,,ס'איז אלול־צײַט, דאָך גייט אַלץ אָן גלײַך ווי אַן א'ער קאָן,,, אר, 'מיר שטעלט זיך פֿאָר,. ,,וועט זײַן גוט פֿאַרשטאַנדיק דער פּסק־הלכה...א, אין תּלמוד און פּוסקים,,, תּניא, 196.

5. אַרויסגעשטעלט, אַרויסגערוקט. הערן מיט אַן א, מויל, א'ע אויערן. ,,...בלײַבט שטיין ווי אויסגעפּאַטשט מיט אַ פּאָר א'ע אויגן און

אַן אָפֿן מויל“, ממוס, ווינטשפֿ. „...געבליבן שטיין אַ פֿאַרטראַכטער מיט ווײַטע, א'ע אויגן“, ווײַס, שטעטל. *אַן א'ע זאַך = אויו: שפּיצל וואָס מע טוט עמעצן בכּיוון אָפּ. „כ'ווייס, חבֿרה, די גאַנצע מעשׂה איז נאָר אַן א'ע זאַך“.

אויסגעשטעלט זײַן — צזוו▯ אוטוו. זײַ א', בין געווען א'. אויך: 1. בדלות זײַן (ווערן). „אַן עק פֿון זײַנע געשעפֿטן, ער איז א'!“, ממוס [= מע האָט אַרויסגעוואָרפֿן זײַנע זאַכן פֿון קראָם פֿאַר קראָמגעלט]. „וואָס וועט איר זאָגן אויף מײַן באַשרײַבן די נאַטור? ניט געפֿעלן? בין איך א'!“, שע, 'דרײַ אַלמנות'. *בלײַבן א, = בלײַבן אָן פּרנסה, אָן פֿריִערדיקער שטעל, פּאָזיציע. „געקומען אַ נײַער בעל־הבית, און דער אַלטער אָנגעשטעלטער איז געבליבן א'“. „מלמדים נעבעך האָבן געציטערט פֿאַר זייערע קנעלונגען: אַז גאָט אַליין וועט זיך דאָ ניט אַרײַנמישן...וועלן זיי דאָך בלײַבן א',„ ממוס, שלמה.

2. זײַן אין אַ סכּנה; זײַן אַ פֿאַרלוירענער. „איך בין אַן א'ער, איר וועט זען — איך וועל מוזן גיין דינען!“. „דענסטמאָל איז ער דאָך א', פֿאַרפֿאַלן פֿון בײדע וועלטן אויף

אייבִיק,,, ממוס, ווינטשפֿ. *א, מיט די בֵיינער
= אינגאַנצן פֿאַרלוירן, אין לעבנס־סכּנה.
3. זײַן אָפּהענגיק; זיך שטיצן אויף עפּעס.
זײַן א, אויף עמעצן, אויף זײַן הילף. ,,מיר
זײַנען א, אויף שאַצונגען,,, ייִבל, XXIII, 42.
4. (סוחרים־לשון) זײַן א, אויף אויקציאָן [ווען
די סח□רה ווערט פֿאַרקויפֿט אויף אויקציאָן כּדי
צו קריגן געלט פֿאַר קרעדיטאָרן, אין פֿאַל פֿון
אַ באַנקראָט].
אויסגעשטעלטס — דאָס, ־ן. 1. דאָס וואָס
ווערט אויסגעשטעלט (אין אַ פֿענצטער, פֿאַר
עפּעס אַ ציל). אַן אָרעם א'. 2. דרויסנדיק
אויסזען, דרויסנדיקער אײַנדרוק. 3. בכלל
אַלץ וואָס איז אויסגעשטעלט ←. ,,
פֿירפֿלוידערן דאָס ביסל א', אַז ער גייט ניט אין
שאָפּנפּעלץ‘‘, אבג.
אויסגעשטעלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטעלט.
שײַנען, גלאַנצן א,.
אויסגעשטעלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטעלט.
אַראַנזשירונג; סכּנהדיקער מצבֿ אַאַזוו □ ←
אויסגעשטעלט).
אויסגעשטעמפּלטערהייט — אַדוו. ווען

עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעשטעמפלט (← אויסשטעמפלען). ״א, מעג מען

2()4

דאָס פֿלייש פֿאַרקויפֿן, אַניט קאָנפֿיסקירט מען
או געשטעמפלטקייט — די (דאָס), ־ן.
ד ס פֿלייש״, רייד.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטעמפלט. אַן אויסגעקריצטקייט, אַן א'.
אויסגעשטעפּט — אַדי, פּאַר אויסשטעפּן ←.
דורכגענייט, אַרומגענייט, אויסגענייט. ״...האָט
זיך געדרייט איבער די...צימערן...אין דער
וואַטענער קאָרטקע, א, מיט לעקעכלעך״, אָפּאַ,
אַ סומנע הויז'. אַ וואַרעם א, מאַנטעלע.
,
אויסגעשטערנט — אַדי, פּאַר אויסשטערנען
(זיך) ←. 1. וואָס האָט אַ סך שטערן; וואָס
אויף דעם זײַנען פֿאַראַן אַ צאָל שטערן. אַן א'ע
פֿאָן. ״...פֿאַרקוקנדיק זיך אויפֿן א'ן בלויען
הימל, נעמט מען זיך געשמאַק שמועסן״,
ממוס, ווינטשפֿ. ״אַן א'ע נאַכט, אַ הייליקע,
פֿאָרכטיקע סליחות־נאַכט״, ווײַס, דור הולך

ודור בּא'. 2. וואָס איז (גייט) מיט אַן
אָפּגעדעקטן קאָפּ, בּגילוי־ראָש. „די הײַנטמאָדישע
גייען א'„.
אויסגעשטערנטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטערנט. „וואָס פֿאַר אַן א, הײַנט איז“, ווײַס,
„אין ערוואַרטונג„.
אויסגעשטראָיעט, ~געשטרויעט — זזוו
אויסגעסטראָיעט ←.
אויסגעשטראָכן — אַדי, פּאַר
אויסשטרײַכן ←. אויסגעמעקט, עלימינירט דורך
שטרײַכן;
אויסגעשלאָסן, בּאַזײַטיקט. אַן א'ער מיטגליד.
א, פֿון די לעבֿעדיקע = געשטאָרבֿן.
אויסגעשטראַלט —. אַדי, פּאַר אויסשטראַלן.
וואָס קומט אין פֿאָרעם פֿון שטראַלן, וואָס
איז אַ רעזולטאַט פֿון אויסשטראַלן; בּאַשײַנט.
א'ע ענערגיע. „בּאַווײַזט זיך אַ קלאָרער הימל
און אַ ווײַסע, מיט בּריליאַנטן א'ע וועלט„.
פּרץ, 'ס'אי, גוט'.
אויסגעשטראַלטקייט — די (דאָס), ־ ◻
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסגעשטראַלט. אַ ליכטיקייט, אַ בּאַשײַנטקייט, אַן א'.
אויסגעשטראָמטקייט — די (דאָס), ץ.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטראָמט
(← אויסשטראָמען). אַ קוואַליקייט, אַן א'.

אויסגעשטראָ(נ)צ(ל)ט — אַדי, פּאַר
אויסשטראָ(נ)צ(לע)ן ←. אויסגעפּוצט,
אויסגעצירט. „ער איז געקומען אויסגעשטראָצלט אין
בּגדי שׂרד“, אַש, שלמה נגיד. אַן א'ע
כּלהמויד. קומען א, צום גט.

אויסגעשטראָפֿטעדהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטראָפֿט.
(← אויסשטראָפֿן). טרייסטן א'.

אויסגעשטרויכלט ווערן — נייטראַל. ווער
א', בּין געוואָרן א'. פֿטמ. דזוו געשטרויכלט
ווערן, נאָר עמפֿאַטישער. „גאָט, לאָמיך ניט א,
וו, דורך זינדיקע רייד“.

אויסגעשטריטן — אַדי, פּאַר אויסשטרײַטן ←.
~געשטריטענער. 1. וואָס איז אויסגעפֿירט
דורך אַ שטרײַט. א'ע רעכט. 2. וואָס וועגן
דעם שטרײַט מען ניט מער. א'ע פֿראַגע.

אויסגעשטריקט — אַדי, פּאַר
אויסשטריקן ←. אויסגעאַרבּעט דורך שטריקן. אַן א,
לײַבל; א'ע הענטשקעס. „...מיט זײַד א'ן פּאָר

אויסגעשטשערבּעט

טרעט פֿון משה רבֿינו", ממוס,
קליינמענטשעלע.

אויסגעשטריקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטריקט. „איך וויל דערלעבּן עס צו זען א'", רייד.

אויסגעשטריקטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ, פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אויסגעשטריקט. „וויפֿל פֿלײַס און וויפֿל שלאָפֿלאָזע נעכט עס רעדן אַרויס פֿון אַזאַ א'".

אויסגעשטרעקט — אַדי, פּאַר אויסשטרעקן (זיך) ←. 1. אויסגעצויגן (אין דער גאַנצער לענג). א'ע הענט, פֿיס. שטיין, ליגן א.. „אַ גוף ליגט א, וואָס קען קיין אבֿר ניט רירן", עט, לידער. „א, די פֿרילינג־נאַכט ליגט אויף איר בּעט פֿון גראָז און בּלומען", יהואָש, זומער־נאַכט'. „עס שלאָפֿט דאָס האַרץ..., אין זײַן נעסט ליגט א, דער חוש", אצג, פֿאַרנאַכטגאָלד. "...פֿיבּערן אויס אויף מײַן א'ן גוף", הל.

2. וואָס איז גרייט אויפֿצונעמען, אַרומצונעמען, צו העלפֿן (אָדער פֿאַרקערט צו טאָן שלעכטס). „איר האַנט איז אויפֿין צו איין עני, איר אָרום איז אויס געשטרעקט קעגין איין אבֿיון", מס, משלי תּקע"ד, לא, 20. „לאָזט זיך צו מיר מיט א'ע אָרעמס", ממוס, ווינטשפֿ.

„ביז וואַנען בלײַבט...די האַנט פֿון משחית א,?“, אַל III, 'יהודה המכּבי'.. *א'ער אָרעם — סימבאָל פֿון מאַכט [< זרוע נטויה].

3. וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרק געפֿיל, פֿאַרלאַנג נאָך הילף. הענט א'ע אין תּפֿילה. *מיט א'ן האַלדז = גרייט זיך צו ברענגען פֿאָר אַ קרבן, גיין אויף קידוש־השם.

אויסגעשטרעקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשטרעקט. ליגן א„ בלײַבן א..

אויסגעשטרעקטקייט — די (דאָס), ־ן. אײַנגעשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשטרעקט. אַן א', אַן אויסגעגלײַכטקייט פֿון גלידער.

אויסגעשטרעקערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסשטרעקן אַ צאָל (גלידער). „און באַלד איז געוואָרן אַן א, פֿון הענט“, ווײַס, שטעטל.

אויסגעשטשאָרבעט, ~געשטשורבעט — דזוו אויסגעשטשערבעט ←. „...מיר גוט באַקאַנטע הענט, מיט נעגל א'ע פֿון אויסגעהאָרעוועטע יאָרן„, מאַל, חשוונדיקע נעכט.

אויסגעשטשירעט — אַדי, פֿאַר אויסשטשירען ←. אויך: ~געשטשערעט. (ווען

ציין) וואָס איז אַרויסגעשטעלט (געוויינטלעך
ווי אַ וואָפֿן צו סטראַשען). דער וואָלף מיט די
א'ע ציין. פֿיג: א'ע אויגן; אַן א'ער האָרן. א'ע
ציין בײַם לאַכן. „זײַן צורקע איז מיט
חנדעלעך, מיט א'ע ציינדעלעך“, אַל III, 'דער
ייִדישער פֿאָרשטייער'.
אויסגעשטשערבעט — אַדי, פּאַר
אויסשטשערבען ←. פּפֿ: ~געטשערבעט.
1. וואָס אין דעם זײַנען געוואָרן (מע האָט
געמאַכט) קאַרבן; טעמפּ, טומפּיק געמאַכט.
„מיט אַן א'ן מעסער שנײַדט זיך ניט בעסער“,
שו . „נאָר בײַ וועלכן ייִד...איז עס דער
רידל נישט א, און דאָס העקל נישט טעמפּ„,
ווײַס I, 'חיים־אַהרן'. 2. וואָס שטיקלעך,

אויסגעשיט

טיילכלעך פֿון דעם זײַנען אויסגעבראָכן. א'ע
כלים. “...קעמט מיט אַן א, קעמעלע זײַן
פֿורמאַן־בערדל“, בערג, בײַם דניעפּער I. „...אַ
הינקענדיקער טיש..., אַ פֿאַררויכערט לעמפּל
און אַ ביסל א'ע געשיר“, הר, לייס.
אויסגעשיט אַדי, פּאַר אויסשיטן ←. פּד. דזוו
אויסגעשאָטן. „די שטיינערנע פּאָדלאָגע איז

אויסגעקערט און מיט יום־טובֿדיקן געלן זאַמד
א'“, אַש, תּהילים־ייִד.
אויסגעשיטעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). דזוו
אויסשיטעכץ. אַן א, פֿון מיסט פֿון נאַרישע
,
ווייד.
אויסגעשייגעצטערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעשייגעצט (← אויסשייגעצן). א, שעמט ער זיך
אויפֿצוהייבן די אויגן.
אויסגעשיילטעדהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשיילט
(← אויסשיילן). פּרעגלען די יונגע
קאַרטאָפֿלעלעך א'.
אויסגעשיילטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשיילט
(← אויסשיילן). אַן אויסגעזונדערטקייט, אַן
אויסגעטיילטקייט, אַן א'.
אויסגעשײַנט — אַדי, פּאַר אויסשײַנען ←.
1. וואָס האָט אויפֿגעהערט שײַנען. א'ע
שטערן. 2. וואָס מע האָט געמאַכט שײַנען;
וואָס איז דורכגענומען מיט שײַן. אַן א, פּנים.
„דער גאַנצער שבת ליגט דער מאַמען אויפֿן
גלאָנציקן גרויסן שטערן א',„ אַש, תּהילים־ייִד.

אויסגעשײַנטערהייט — אַדוו. וואָס מע
האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשײַנט.
אַוועקשטעלן דעם סאַמאָוואַר א'.
אויסגעשײַנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשײַנט. אַן
א', אַ ציכטיקייט.
אויסגעשײַערט — אַדי, פּאַר אויסשײַערן ←.
אויסגערייניקט דורך רײַבן, סקראָבען. א'ע
פֿאַנען. „דער טיש געדעקט מיט אַ ווײַסן
טישטעך, אויף אים דרײַ מעשענע א'ע לײַכטער מיט
די בענטשליכט", ממוס, ווינטשפֿ. „ווײַסער
שטראַל פֿון זון אויף א, בלויען טאָל„, ראָלניק,
נעקליבענע שריפֿטן. *שײַנען ווי אַן א'ער —
שפּאַסיק ווען אַן אויסגעבאָדענעם.
אויסגעשײַערטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשײַערט.
שטעל אַוועק די לײַכטער א'.
אויסגעשײַערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשײַערט. אַן
אויסגעפּוצטקייט, אַן א'.
אויסגעשיכּורטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשיכּורט
(← אויסשיכּורן). א, פֿון געפֿילן.
אויסגעשימלטערהייט — אַדוו. ווען עס

איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשימלט
(← אויסשימלען). עסן בֿרויט א'.
אויסגעשימלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשימלט. אַ
פֿאַרדאַרטקייט, אַן א'.
אויסגעשיצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשיצט
(← אויסשיצן). א, פֿון אַלע אָנשיקענישן.

205

אויסגעשירעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעשיצטקייט, אויסגעהיטקייט.
אויסגעשישעט —. — אַדי, פּאַר אויסשישען.
פּד. אויסגעדאַרט, אויסגעטריקנט. ער איז א„
הויט און ביינער. „ס'ביסעלע א, אויפּסט וואָס
פֿאַרבלײַבֿט נאָך אַ שלעכטן טאָג לייזעכץ“, בּ.
ווײַנשטיין, אַמעריקע.
אדיסגעשלאָגן — אַדי, פּאַר אויסשלאָגן (זיו)
←. ~געשלאָגענער. 1. אויסגעהאַקט,
אויסגעבּראָכן. „דורך די פֿענצטער מיט א'ע שויבֿן
יאָגט...אַ נאַסער קאַלטער ווינט“, פּרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. „איר זעט דאָ דרײַ א'ע
ציין?„, שע, אין שטורעם. 2.

אַרויסגעבראַכט, אַרויסגעשלאָגן. א'ע פֿונקען. 3. צוגעגרייט, אויסגעאַרבעט דורך אַ פּראָצעס וואָס דערמאָנט אין שלאָגן עפּעס; אויסגעפֿורעמט. א'ע פּוטער. א'ער לעקעך. „דער לייב — פֿון בראָנזע א'„, ראָלניק, געקליבענע שריפֿטן. 4. אַרומגעפּוצט, אַרומגעזוימט. באָשלאָגן, אויסטאַפּעצירט. „...געלעגן אין אַ צימער, א, מיט שוואַרץ און מיט אָפּבילדונגען...“, קמ, 27 1863, No. „אויסגעבויט אַ גאַלעריע, א, מיט גרינצײַג“, קמ, 23 1867, No. „ד ווענט זײַנען געווען א, מיט אַלערליי קאָלירנדיקע אָביצעס“, איסטאָריע. 5. אויסגעקלאַפּט, אויסגעקלונגען. די א'ע שעהן. א'ער טאַקט.

אויסגעשלאָגנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשלאָגן. אַן א, ווי שוים.

אויסגעשלאָגענערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (עס איז) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשלאָגן. וויינען א'.

אדיסגעשלאַכט — אַדי, פּאַר אויסשלאַכטן ←.

דטשמ. אויסגעקוילעט, אויסגעשאָכטן. די מחנה פֿון די א'ע ייִדן“, יהואָש, 'די אַלטע שול'.

אויסגעשלאָסן — אַדי, פּאַר אויסשליסן ←.

~געשלאָסענער. 1. באַזײַטיקט, אַרויסגענומען פֿון אַ גרופּע. די א'ע פֿון דער פּאַרטיי, פֿון אוניווערסיטעט אאַזוו. 2. אָפּגעזונדערט, אָפּגעשלאָסן. „איך בין איין זינדיגרין דיא אלי יום אלי שעה אלי רגע עין ממש פֿול עבֿירות אונ, בין בעו"ה פֿון וויניק עבֿירות אויז גישלאָסין", גה, 21.

אויסגעשלאָסנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשלאָסן. אַן אוממעגלעכקייט, אַן א'. „די נאַציאָנאַליסטישע א,", ימ, נײַס, 1926.

אויסגעשלאָסענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשלאָסן. בלײַבן אַליין א'.

אויסגעשלאָפֿן — אַדי, פּאַר אויסשלאָפֿן (זיך) ←. וואָס האָט גענוג געשלאָפֿן; וואַך, אויסגערוט (היפּך פֿון פֿאַרשלאָפֿן). „האָט זי געזאָגט צופֿרידן און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר א, פּנים", ספּ, סודות.

אויסגעשלאָפֿענערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשלאָפֿן. זיך נעמען צו דער אַרבעט א'.

אויסגעשלייערט — אַדי, פּאַר אויסשלייערן (זיך) ←. 1. באַדעקט מיט אַ שלייער. „רחלע

אויסגעשמייכלט

האָט געטראָפֿן די כלה נאָך ניט קיין א'ע,,, שע, סטעמפּעניו. 2. שטאַרק אויסגעפּוצט. ,,אַזוי א, אין די קליידער, איז זיך דאָס אייזעלע גאָר כסדר געקומען...,,, עט, משלים. ,,...האָט שיין אויסגעזען דער אויסגעשטערנטער, א'ער הימל‘‘, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

אויסגעשלייפֿט — אַדי, פּאַר אויסשלײַפֿן ←. אויסגעבונדן אין אַ שלייף, באַפּוצט מיט אַ שלייפֿל. א'ע בלוזקע.

אויסגעשלײַפֿט — אַדי, פּאַר אויסשלײַפֿן ←. דזוו אויסגעשליפֿן. ,,אין דער א'ער שטילקייט פֿון די צימערן האָבן די טריט אָפּגעהילכט...,,, קאַהאַן, אַהרן ליבעדמאַן.

אויסגעשליפֿן — אַדי, פּאַר אויסשלײַפֿן ←. ~געשליפֿענער. 1. אויסגעשאַרפֿט, צוגעגרייט דורך שלײַפֿן. *א'ער קאָפּ = ביטרער, קלוגער, וואָס כאַפּט גיך אויף. *א'ע צונג = שאַרף, שטענדיק גרייט מיט אַן ענטפֿער. 2. וואָס איז געמאַכט גלאַנציק, שײַנענדיק, גלאַט. א'ע בריליאַנטן. ,,אין אים שטעקט גענוג גראָבע, נישט־א'ע רויקייט,,, ווײַס I ◌ י,

,ווי דער גורל פֿירט'. „די א'ע גליטשלקע
גלאַנצט ווי אַ שפּיגל“, סמב. „שטערן האָבּן
געטליִעט אין דער טיפֿער א'ער הייך“, קאַ□אַן,
אַהרן ליבּערמאַן.
אויסגעשליפֿנקייט — די (דאָס), ־ן.
אויסגעשאַרפֿטקייט; גײַסטיקע אַנטוויקלטקייט. אַן
א, פֿון אַ צינגעלע!
אויסגעשליפֿענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשליפֿן.
אַרויפֿציִען די פּערל א'.
אויסגעשמאָדערט — אַדי, פּאַר
אויסשמאָדערן ←. אויסגעשמוצ(יק)ט,
אויסגעבּרודיקט. „איך קען מיך אַזוי נישט ווײַזן אַן
א'ע“, שע, שווער צו זײַן אַ ייִד.
אויסגעשמאָטשקעט — אַדי, פּאַר
אויסשמאָטשקען ←. דזזו אויסגעסמאָטשקעט ←.
„ניט געבּליבּן איז...אַן א, בּיינדל פֿון אַן
עוף„„ הר, פֿאַרנאַכט. אויך: ~
געשמאָצקעט.
אויסגעשמאַכט — אַדי, פּאַר אויסשמאַכטן.
וואָס בּלײַבּט אָן כּוחות; פֿאַרשמאַכט. א'ע פֿון
הדנגער.
אויסגעשמאָלצן — אַדי, פּאַר
אויסשמעלצן←. ~געשמאָלצענער. 1. צעגאַנגען, צעלאָזן

דורך היץ. „א, זײַנען די ליכטלעך, פֿאַרמאַכט
ווערן די גמרות„, ממוס, שלמה. 2.
אויסגעגאָסן אין אַ פֿורעם. א'ע דריידלעך.
אויסגעשמאָלצענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשמאָלצן.
נעמען בלײַ א'.
אויסגעשמאָקצעט — אַדי, פּאַר
אויסשמאָקצען ←. אויסגעזויגן מיט אַ געקלאַנג; דאַר,
אײַנגעפֿאַלן. „...מיט מאָך אויף דײַנע א'ע
באַקן", ח. פּעט, איק, 1960 II י 29.
אויסגעשמדט — [...געשמאַ'ט] אַדי, פּאַר
אויסשמדן (זיך) ←. דזוו געשמדט, נאָר
עמפֿאַטישער. „זייערע טעכטער זײַנען געווען א'ע,
זיי האָבן חתונה געהאַט פֿאַר פּוילישע גראַפֿן",
מוק, מײַנע באַגעגענישן II.
אויסגעשמייכלט — אַדי, פּאַר אויסשמייכלען

אויסגעשמייכלט ווערן

(זיך) ←. פּר. צעשמייכלט; וואָס איז מיט אַ
(ברייטן) שמייכל. פֿרײַנדלעך א'ע פּנימער.
אויסגעשמייכלט ווערן — נייטראַל. ווער
א„ בין געוואָרן א„. מיי. געשטעלט ווערן פֿאַר
אַ נסיון, אויסגעפּרוּווט ווערן. [אַווע I ,

.[26]

או סגעשמיסן — אַדי, פּאַר אויסשמײַסן ←.
~געשמיסענער. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט שמײַסן אָדער געשמיסן אַ צאָל מאָל. א'ע קינדער.

אויסגעשמירט — אַדי, פּאַר אויסשמירן ←.
1. באַדעקט מיט פֿעטס. אַן א'ע פּאַן. 2. געמאַכט ריין דורך שמירן פֿאַרבן
פֿרײַטיק, . ,,
צונאַכט באַקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים: א', אויסגעוואַשן, ריין אין איטלעכס ווינקעלע'', ממוס, ווינטשפּ. 3. געמאַכט שמוציק דורך שמירן (זיך) אין עפּעס. ,,זײַן קאַפּאָטע...אַ טרויעריקע, אַ פֿאַריתומטע, א, נעבעך אין בלאָטע ביזן גאַרטל'', ממוס, שטורעמצײַט. א, ווי אַ רוח (שד, טײַוו) פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

אויסגעשמירטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשמירט. אָנטאַן די קאַפּאָטע א'.

אויסגעשמירטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשמירט. אַן אויסגערייניקטקייט, אַן א, מיט קאַלך; אַ

פֿאַרבּרודיקטקייט, אַן א, מיט בּלאָטע.
אויסגעשמעקט — אַדי, פּאַר אויסשמעקן ←.
אויך: 1. פּאַרפֿומירט. די א'ע מאַדאַם. 2.
זייער ציכטיק, ריין. א'ע חדרים.
אויסגעשמערגלט — אַדי, פּאַר
אויסשמערגלען ←. אויסגעפּרעגלט. א, פֿלייש.
אויסגעשמערגעט — אַדי. וורר. 1. דזוו
אויסגעשמערגלט. 2. אויסגעשמוציקט. א'ע
פּנימלעך.
אויסגעשנאָבּלט — אַדי. וואָס האָט אַ
גרויסן שנאָבּל (אָדער אַ לאַנגע און שפּיציקע
נאָז). אַן א'ער פּאַרשוין.
אויסגעשניטן — אַדי, פּאַר אויסשנײַדן ←.
~געשניטענער. 1. בּאַזײַטיקט דורך שנײַדן.
א'ע מכּה. אַן א'ע צונג. *א'ער = סריס.
,,טויגסט דאָך צומאָל נישט, דײַן ווײַבּ זאָל זיך
קעלבּן. אַ וואונדער וואָס זי וואוינט מיט
אַזאַ א'ענעם", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. 2. וואָס
דאָס אינעווייניקסטע איז אַרויסגעשניטן. אַ
פּנים וו אַן א'ער קירבּעס, טענדלאַו, 535.
,
3. וואָס איז מיט אַ דעקאָלטע. אַן א, קלייד.
אויסגעשנייט — אַדי. אויסשנייען ←. 1. וואָס
האָט אויפֿגעהערט שנייען. דער א'ער הימל.

2. וואָס איז בּאַדעקט מיט שניי, פֿאַרשנייט.
די א'ע ערד.
אויסגעשניצט — אַדי, פּאַר אויסשניצן ←.
1. געמאַכט דורך שניצן, אויסשנײַדן מיט אַ
מעסער. „אַ גרויסער חנוכּה־לאָמפּ מיט א'ע
בּלומען־רערן“, פּרץ, חסידיש. „און בּײַ דער
שטול שטייען אַלערליי חיות און עופֿות, פֿון
האָלץ א'“, נחבֿ, 'מעשׂה מבּן מלך ובּן שפֿחה'.
“שלאָפֿט אַ נעגער אינעם אורוואַלד,
פֿאַרזיכערט אין זײַן א'ן געץ“, דא, 'אויפֿן שיף'.
2. שיין געפֿורעמט; וואָס האָט שיינע שטריכן,
אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פֿון אַ

שניצער. „שיינע געקרײַזלטע האָר, אַן
אויסגעטאָקט נעזל, א'ע ליפּעלעך„, שע, יוגנט־
ראָמאַנען.
אויסגעשניצטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשניצט.
שענקען דעם שטעקן א'.
אויסגעשניצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשניצט. אַן
אויסגעטאָקטקייט, אַן א..

אויסגעשעדיקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשעדיקט
(← אויסשעדיקן).
אויסגעשעכעוועט — אַדי, פּאַר
אויסשעכעווען ←. אויסגעשטעלט אין רייען (ווי
זעלנערס). „דער היישרוג האָט קיין מלך נישט און
גייט אזוי גאַנץ אויס גישעכיוועט“, מס, משלי,
תּקע„ד, ל, 27.
אויסגעשענדיקט — אַדי, פּאַר
אויסשענדיקן ←. נעאָל. געבראַכט צו שאַנד;
פֿאַרשוועכט.
„ווערטער, אויסגעפּײַניקטע אין וויסטער
מאַטער, א'ע — הייבט אָן פֿאַרנעמען...„, הל,
'לידער צו אַ ווײַטן פֿרײַנד„.
אויסגעשעפּט — אַדי, פּאַר אויסשעפּן
(זיך) ←. 1. אויסגעליידיקט, אויסגעפּאָמפּעט,
אַרויסגענומען דורך שעפּן. „כאָרכלט שוין
ווי דער הייוון־שליים אין אַן א'ן פֿאַס ווײַן“,
זש. „אַן א'ער לאָגל אין דער מדבר איז מײַן
ליידיק לײַב“, הר, אָדמס קינדער. 2.
אויסגעמאַטערט, וואָס איז (געבליבן) אָן כוחות, אָן
ענערגיע. „...האָט צוגעפֿירט זײַן א'ן רבין
צום בײַדל“, אַש, תּהילים־ייִד. „דאָס פֿאָלק
דערפֿילט זיך א, צום ענד פֿון דעם אויספֿרוו

פֿון דעם גרויליקן“, אַל III, 'יהודה המכּבי'.
3. וואָס האָט זיך אויסגענומען,
אַרויסגענומען דעם תּוך; אינגאַנצן דורכגעלעבּט,
פֿאַרענדיקט (וועגן דעבּאַטע, איבּערלעבּונג אאַ).
דער שמועס, דער וויכּוח איז א'. אַן א'ע פֿרייד.
4. וואָס האָט ניט מער קיין אָריגינעלקייט,
קיין ניַיע געדאַנקען, שעפֿערישע מעגלעכקייטן.
אַן א'ער שרייַבער, דענקער.
אויסגעשעפּטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין אויסגעשעפּט פֿאַר..
—
.
מאַטערטקייט; אויסגעליידיקטקייט.
אויסגעשפּאָט — אַדי, פּאַר אויסשפּאָטן ←.
אויסגעלאַכט מיט בּייזקייט, מיט בּיטול. „מיר,
די א'ע און פֿאַרשפּיגענע, וועלן נאָך...“.
אויסגעשפּאָלטן — אַדי, פּאָר אויסשפּאַלטן
(זיך) ←. ~געשפּאָלטענער. 1. וואָס האָט
(בּאַקומען) אָדער מע האָט אין דעם געמאַכט
אַ שפּאַלט (שפּאַלטן). א'ע בּיימער, בּרעטער.
א'ע נשמה. 2. וואָס אַ טייל פֿון דעם איז
אָפּגעהאַקט. אַן א'ער קלאָץ.
אויסגעשפּאָלטנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זיַין אויסגעשפּאָלטן.
אַן א, פֿון כאַראַקטער.

אויסגעשפּאַלירט — אַדי, פּאַר
אויסשפּאַלירן. דזוו אויסשפּאַלירט ←. „...אַ שיין, טײַער
הויז, גראַפּסקע אויסגעמעבּלט, א, נאָך דער
פּאַריזער מאָדע“, ייִפּאָל, 1887, No 18.
אויסגעשפּאַנט — אַדי, פּאַר אויסשפּאַנען ←.
1. אויסגעבּונדן, בּאַפרײַט פון זײַן
צוגעשפּאַנט. א'ע פּערד. „מיר ביידע זיצן בײַם

אויסגעשפּיזט

שײַער אויף דעם א'ן וואָגן„, יהואָש, '
ערינערונגען,. 2. בּאַפרײַט פון גײַסטיקער
אָנשטרענגונג; בּאַרואיקט. א'ע נערוון. זיך פּילן
א,, ווי נײַ־געבּאָרן.
אויסגעשפּאַנטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין (אין מצבֿ פון זײַן)
אויסגעשפּאַנט. „ער פּילט זיך ווי אַ פּערד א'“,
ווײַס, אַ שלעכטע פרוי'.
,
אויסגעשפּאַנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפט אָדער מצבֿ פון זײַן אויסגעשפּאַנט. אַ
בּאַרואיקטקייט, אַן א'.
אויסגעשפּאַסט — אַדי, פּאַר אויסשפּאַסן

(זיך) ←. וואָס מע האָט וועגן דעם זיו געוויצלט (און צו נישט געמאַכט). א'ע באַמיאונגען פֿאָרשלאָגן. „אַ טרוים אַן אויסגעליידיק,
טער, אַן א'ער שפּאַס“, אַל II, „די גאַס נאָך האַלבער נאַכט'.
אויסגעשפּאַצירט — אַדי, פּאַר אויסשפּאַצירן ←. וואָס מע האָט געפֿירט שפּאַצירן. די א'ע הינטלעך.
אויסגעשפּאַרט — אַדי, פּאַר אויסשפּאַרן (זיך) ←. 1. אַרויסגעדריקט, אַרויסגערוקט; אַרויסגעקלאַפּט. אַן א'ע שויבֿ. „אַ ראָבֿ פּיקט דאָס א'ע אויג“, יהואָש, „מדבר'. 2. וואָס מע האָט וועגן דעם זיך געאַמפּערט. פֿטמ. דאָס איז דאָו אַן א'ער ענין.
אויסגעשפּאַרטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּאַרט. פֿאַרעקשנטקייט, אײַנגעשפּאַרטקייט. אַן אַרויסגערוקטקייט, אַן א'.
אויסגעשפּאָרטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּאָרט (← אויסשפּאָרן). אַ באַרעכנטקייט, אַן אויסגעחשבונטקייט, אַן א'.
אויסגעשפּונען —, אדי, פּאַר אויסשפּינען ←.

~געשפּונענער. 1. אויסגעאַרבעט אין פֿאָרעם
פֿון פֿעדעם. א'ע וואָל. 2. געשאַפֿן אין אַ
פֿאָרעם וואָס דערמאָנט אין שפּינען, וועבן. א'ע
חלומות.
אויסגעשפּיגלט — אַדי, פּאַר אויסשפּיגלען
(זיך) ←. שײַניק, גלאַנציק. „שטייען אַלע
פֿענצטער א', טיף אין ברען [פֿון זונפֿאַרגאַנג]",
אַל I, 'ניו־יאָרקער פֿאַרנאַכטן'. *א'ער טאָג =
זוניקער, קלאָרער טאָג.
אויסגעשפּיגלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּיגלט. ס'איז
ניט בלויז אַ ציכטיקייט, אַן
אויסגערייניקטקייט, ס'איז אַן א'.
אויסגעשפּיגן — אדי, פּאַר אויסשפּײַען ←.
~געשפּיגענער. 1. אַרויסגעוואָרפֿן (פֿון
מויל), אַרויסגעשפּריצט מיט (אָדער ווי)
שפּײַעכץ. אַן א, ביינדל. א'ע ווערטער פֿון ביטול.
2. (מיט פֿאַראַכטונג) דערווײַטערט,
אָפּגעשטויסן פֿון עפּעס. די א'ע פֿון דער
געזעלשאַפֿט, פֿון לעבן. „דעמאָלט זײַנען מיר פֿרײַ,
א', מיט אַ רוישן אין ליידיקן קאָפּ", מל.
אויסגעשפּיגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּיגן.
דערפֿילן די א, פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אויסגעשפּיזט — אַדי, פּאַר אויסשפּיזן ←. 1. אויסגעשטאָכן מיט אַ שפּיז. „דו, מיט א'ע אויגן...„, פּמ, קופּע. 2. וואָס האָט אויף זיך

אויסגעשפּיזלט

אַ שפּיז. „אויפֿן בריקל...זענען געשטאַנען פֿעלד־זשאַנדאַרמען מיט א'ע ביקסן אין די הענט“, ח. י. פּערל, פֿאַרלאָשענע שטערן אין מאַרמאָרעש.

אויסגעשפּיזלט — אַדי, פּאַר אויסשפּיזלען←. אויסגעאַרבעט מיט שפּיזלען. אויסגעשטריקטע, א'ע שאַליקלעך.

אויסגעשפּײַטערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשפּײַט (←. אויסשפּײַען). „מע טאָר ניט אויסשפּײַען לייכעץ און א, עס צעדריקן מיטן פֿוס“, רייד.

אויסגעשפּילט — אַדי, פּאַר אויסשפּילן (זיך) ←. 1. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט שפּילן. די א'ע מעלאָדיע. 2. וואָס מע האָט בעסער געמאַכט דורך שפּילן אויף דעם. אַן א'ע פֿידל. 3. וואָס מע האָט געוואונען (אין אַ לאָטעריע). דער א'ער הונדערטער. 4. וואָס איז שוין אויסגעניצט, אָפּגעניצט; וואָס טויג שוין נישט.

אַן א'ע קאָרט = אַן אויסגעניצטע, מער ניט

.

ווירקנדיקע זאַך. *זײַן א, = מער ניט שפּילן
קיין ראָלע, ניט האָבן קיין ווערדע. „דער בחור
איז א', אַראָפּ באַצײַטנס פֿון דער סצענע,,,
אָפּאַ, היברו. „דער בעל־הבית פֿון אונדזער
דירה איז שוין לאַנג געווען אַן א'ער", דטש,
ווילנע. *א, ווי דער כעלעמער רבֿ = וואָס
האָט שוין גאָר קיין דעה ניט. 5. אוקר.
גערעָטן. *אַן א'ע זאַך = וואָס האָט זיך גוט
אײַנגעגעבן. *אַן א'ער יונגערמאַן = אַ מושלם,
מיט אַלע מעלות. „אַן א, קינד, אַ געראָטנס,,,
סמב. „אַפֿילו ניט אַזאַ א'ער מחותּן", שע,
מבול. „א'ע געראָטענע קינדער", שע, '
וויגרישנער בילעט'. „געווען איז דאָס...אין אַ שיינעם
ליכטיקן, לויטערן, וואַרעמען...אויסגעצייכנטן,
א'ן טאָג,,, שע, דער פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער.
„...וועט כאַפּן אַ קוק אויף זייער שיינער א'ער
טאָכטער", א. קאהאַן, אַהרן ליבערמאַן.
„...אַ חסידעוואַטע חדר־ייִנגל, אַפֿילו מיט אַ
גאַנץ א, קעפּל", ייִפֿאָל, 35 1887, No.
אויסגעשפּילטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשפּילט.
אויסגעשפּילטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּילט. אַ פֿאַרלאָרנקייט, אַן א'.

אויסגעשפּינט — אַדי, פּאַר אויסשפּינען ←.
דזוו אויסגעשפּונען. „א, די גאַכט מיט וואָל איז", פּמ, 'שטיפֿעריש'.

אויסגעשפּיצט — אַדי, פּאַר אויסשפּיצן ←.
(וואָס איז געמאַכט) שפּיציק, שאַרף. „איך קוק מיך אום: אַ פֿויגליש פֿאַרצוקנדיק געשטאַלט מיט אַן א'ער נאָז", ווײַס, 'קליינע שטעטלעך'. „טאַפּ איך ס'גאָמבעלע בײַם עק...ווייך און מיידלש, א, נאָר בלויז פֿאַר שרעק„, אול. „...מיט זײַן א'ן געהער", פֿאָר, 11 X 1959. אַן א, מויל = מיט אויסגעשטעלטע ליפּן, גרייט צו קושן. „...צוגעלאָפֿן צו דער מוטער...מיט א'ע מײַלער„, אמד, דער אומצײַטיקער באַזוך.

אויסגעשפּיצטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (געמאַכט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשפּיצט. אַרײַנהאַקן דעם פֿלאָקן א'.

אויסגעשפּיצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּיצט. אַן אויסגעשאַרפֿטקייט, אַן א'.

אויסגעשפּעט — אַדי, פּאַר אויסשפּעטן ←.
דזוו אויסגעשפּאָט ←. פּד, אוקר.

אויסגעשפּראָכן — אַדי, פּאַר
אויסשפּרעכן ←. ~געשפּראָכענער. בפּירוש
אַרויסגעזאָגט;
קלאָר, אָפֿן; בפּירוש, אויסדריקלעך. דמשמ.
אַן א'ער קעגנער. ,,...אַן א'ער אייראָפּעער
וואָס שטייט אַ צײַט אונטערן פֿילאָזאָף
העגעלס אײַנפֿלוס',, בעל־מחשבֿות, I. ,,דער
קאַנדידאַט איז געווען אַן א'ער, אָפֿענער און
גראָבער אַנטיסעמיט,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן
II. ,,א'ע יראי אלקים זענען...ניט געפֿאָרן,,, לדב.
אויסגעשפּראָצט — אַדי, פּאַר
אויסשפּראָצן ←. אַרויסגעוואָקסן (פֿון באָדן פֿון אַ
גע,
וויקס), אָפּגעשטאַמט. א'ע גראָזן. ,,...שטעכנדיק
...מיט פֿײַערדיקע א'ע שפּיזן", ונײַס, שטעטל.
אויסגעשפּרונגען — פּאַר אויסשפּרינגען ←.
אויסגעשפּרייט 1 — אַדי, פּאַר
אויסשפּרייטן (זיך) ←. 1. אויסגעוויקלט,
אויסגעלייגט, אויסגעצויגן אין דער גאַנצער ברייט
(אויף לענג). אַן א'ער טישטעך. ,,אַזוי וויא
דיא אויס גשפּרייטע נעץ, דאַכט זיך דעם
פֿליגל־פֿאָלק: עס האָט גאָר נישט צו בטייטן...",
מט, משלי תּקע"ד, א, 17. ,,ערנסט־שיינער
אומעט וואָס ליגט אין א'ן שאָטן ווי אַ

גאַזענער שלייער אויפֿן סאַמעט־גרינעם גראָז„,
ממוס, שלמה. „מײַלן־ווײַט אין ליכט און
שימער ליגט דער טאָל אַן א'ער“, יהואָש, '
זומערמאָרגן'. 2. פֿונאַנדערגענומען, מיט אַ פֿרײַען
שטח צווישן באַזונדערע (זאַכן, טיילן אע).
„ווען זיא אנצינט הוט, זא טוט זיא דש ליכט
אויש דר הנט, אונ, הלט דיא הענד אויש
גישפרייט אונ, זאָגט...“, ספֿר המנהגים, אמשט
1723, ו/א. „...האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט
מיט א'ע פֿינגער אויפֿן שטענדער“, ממוס,
ווינטשפֿ. 3. אויסגעצויגן און אויפֿגעהויבן.
ייִדן מיט הענט א'ע צום הימל. 4
פֿונאַנ.
דערגעוואָרפֿן (און פֿאַרנומען מער שטח). אַן
א'ע שטאָט. „א, איר רײַכטום איז געלעגן
לעבן איר: צוויי שפּולכעלעך, דרײַ בענדעלעך,
פֿיר קווייטן פֿון פּאַפּיר“, יהואָש, 'דאָס קראַנקע
קינד'. „...צום טיש, אויף וועלכן קמיעות און
ספֿרים זענען א'“, אַש, תּהילים־ייִד.
אויסגעשפּרייט 11 — אַדי, פּאַר
אויסשפּרייען ←. באַוואָרפֿן, באַשאָטן, באַשפּריצט.
סטעזשקעס, א'ע מיט זאַמד.
אויסגעשפּרייטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשפּרייט.

טריקענען דעם לײַלעך א'.
אויסגעשפּרייטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשפּרייט.
די א, פֿון הימל־געוועלבֿ.
אויסגעשפּריצטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויסגעשפּריצט (← אויסשפּריצן). א, ווערט ניט זײַן
אַזאַ שטויבֿ.
אויסגעשפּרענקלט — אַדי, פּאַר
אויסשפּרענקלען ←. וואָס האָט (געמאַכט מע זאָל
האָבן) אויף זיך שפּרענקלעך. א'ע פֿירהענגלעך.
אויסגעשראָקן — אַדי, פּאַר אויסשרעקן ←.
~געשראָקענער. וואָס מע האָט שטאַרק
דערשראָקן. די א'ע קרבנות פֿון פּאָגראָם.

אויסגעשריי

אויסגעשראָקנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשראָקן. די
א, נאָך די שרעקלעכע געשעענישן.
אויסגעשראָקענערהייט — אַדוו. ווען מען
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשראָקן.
א, ציטערט מען פֿאַר אַ ווינטעלע.

-

אויסגעשרוי ▯ טערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשרויפֿט. צענעמען דעם טיש א'.

אויסגעשרומפּנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשרומפּן (← אויסשרומפּן). אַן אויסגעדאַרטקייט, אַן א'.

אויסגעשרונט — אַדי, פּאַר אויסשרונטן ←. וואָס איז געמאַכט מיט אַ שרונט (אין די האָר). „ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע גריווע מיט מיידלש־א'ע האָר“, ראָלניק, געקליבענע שריפֿטן.

אויסגעשריבן — אַדי, פּאַר אויסשרײַבן ←. ~געשריבענער. 1. וואָס מע האָט אָנגעשריבן (מיט אַ צאָל פּרטים); פֿאַרשריבן. די א'ע תּנאָים פֿון אָפּמאַך. „האָט אונטערגעטראָגן דעם א'עם קאָנווערט...„, אָפּאַ, 'אַזש פֿון קענטאָקי'. 2. אָנגעמאָלט, אויסגעקריצט. „בײַם פּשוטן ייִדן וואָס ווייסט דעם טײַטש פֿון די ווערטער וואָס זײַנען א, אויפֿן עמוד“, לדבֿ. 3. געניט אין שרײַבן; וואָס איז בעסער געוואָרן פֿון אַ סך שרײַבן. *אַן א'ע האַנט, אַן א, הענטל = מיט אַ פֿײַנער האַנטשריפֿט. אַן א'ער כּתבֿ = געשריבנס מיט אַ שיינער האַנטשריפֿט. אַן א'ער פּאָטשעראָק. „זיך

גענומען צו דער פּען, באַקומען אַן א, הענטל", שע. 4. אויסגעמעקט מיט אַ פּען. מע קען ניט דורכלייענען די א'ע אותיות. 5. אַבּאָנירט, שריפֿטלעך באַשטעלט. אַן א'ע צײַטונג, א'ער לינאָטיפּ. 6. אינגאַנצן באַשריבן. א'ע העפֿטן.

אויסגעשריבנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסגעשריבן. א, פֿון האַנטשריפֿט.

אויסגעשריבענערהייט — אַדוו. ווען עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשריבן. א, וועלן מיר בעסער פֿאַרשטיין די תּנאָים פֿון אָפּמאַך.

אויסגעשריגן — אַדי, פּאַר אויסשרײַען (זיך) ←. ~געשריגענער. [ניטאָ אין לד]. 1. אויסגערופֿן הויך אויף אַ קול. א'ע מציאות; א'ע פּראָגראַם פֿון קינאָ. 2. אויסגעדריקט דורך געשריי(ען). א'ע טענות צו גאָט. 3. אויסגעבעטן, אויסגעוויינט, אָפּגעשריִען. מײַן איינציק א, קינד [= געוווען אין גרויס סכּנה, מסוכּן קראַנק און געזונט געוואָרן]. 4. באַקאָנט, באַוואוסט; באַשטימט. „אַן א'ער פֿערד־גנבֿ"„, סמב. „זיי האָבן זיך געדונגען אַפֿילו דאַן, ווען זיי האָבן געקויפֿט אַזעלכע זאַכן וואָס די פּרײַז איז געווען אַן א'ע, אַ באַשטימטע",

אָשעראָוויטש, שטעט און שטעטלעך אין
אוקראַינע. 5. אָפּן, בפֿירוש אויסגעדריקט. „
מייסטע ענגלישע און אַמעריקאַנער שײַן־
שרײַבערס זײַנען שטילע אָדער א'ע אַנטיסעמיטן„,
יג, איק, 13 IX 1957.
אויסגעשריי — דער, ־ען. הויכער אויסרוף;
אַקט פֿון אויסשרײַען. א, פֿון ווייטיק.
התפּעלותדיקע א'ען. „דאָ און דאָרט איז געבליבן
דער א, פֿון אונטערגאַנג„, קאָראַלניק II. „זיך

אויסגעשריי־צייכן

אײַנגעהערט צו יעדנס וואָרט, צו יעדנס א'“,
הל, 'אין יעדנס האַרץ'. [אויו: אויסרופֿצייכן.
פֿרגל דוווו.]
אויסגעשריי־צייכן — דער, ־ס. (נר). דזוו
אויסרופֿצייכן. „דער ריזן־קוימען פֿון
צוקערפֿאַבריק האָט זיך ווי אַ יום־טובֿדיקער א־צ,
...אײַנגעשטעקט“, בערג, נאָך אַלעמען.
אויס ר עןֹ — אַדי, פּאַר אויסשרײַען ←.
לד. דזוו אויסגעשריגן, בב 1 3. אַן א'ער
בניהיד. א'ע ווייטיקן.
אויסגעשר ענערהייט — אַדוו. ווען עס איז

שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויסגעשריִען. א, ווערט עפּעס גרינגער.

אויסגעשׂכלט — [...געסייכל] אַדי, פּאַר אויסשׂכלען ←. אויסגעטראַכט מיט חכמה, קלוגשאַפֿט (מיט בײַטעם: עס איז שווער אָנגעקומען). א'ע מיטלען. „ווי עס זײַנען דאָס די ווערטער א'!„, לע, ייִד אויפֿן ים.

אויסגעשׂכלטקייט — [...סייכלטקייט] די (דאָס), ־ן. אויסגעטראַכטקייט מיט חכמה, אויסגעפֿונענקייט. נתפּעל ווערן פֿון אַזאַ א'.

אויסגעשׂרפֿעט — [...סאַרפֿעט] אַדי, פּאַר אויסשׂרפֿע(נע)ן ←. גרינטלעך, אינגאַנצן אויסגעבֿרענט. „ליגט די גאַנצע שטאָט א', וויסט און לער“, אַל I, 'פּרשה בהעלותך'.

אויסגראָבֿ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגראָבֿן. „אַרײַנקריכן קענסטו אָן מינדסטער סכּנה אין ערדענעם א'„, סוצ, געהיימשטאָט.

אויסגראָבֿונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגראָבֿן. 2. ספּעציעל אַרכעאָלאָגישע גראָבֿונג צו געפֿינען רעשטן פֿון לאַנג־פֿאַרגאַנגענע תּקופֿות. „די לעצטע א'ען האָבֿן באַשטעטיקט אַ סך תּנכישע דערציילונגען“.

אויסגראָביאַנע(ווע)ן — ־נע(ווע) אויס,
~געגראָביאַנע(ווע)ט. אוטוו — אַרויסווײַזן
גראָבקייטן. טרוו — מאַכן פֿאַר אַ (אָדער
אויס) גראָביאַן. א, דעם יונג.
אויסגראַבליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע) אויס,
~געגראַבליע(ווע)ט. 1. מיט אַ גראַבליע
(גרעבליע) אויסרייניקן באַשטימטן שטח, צאָל
ערטער. א, די לאָנקע. 2. אַרויסבאַקומען
דורך קראַצן, זוכן, קערן אין ווינקעלעך.
אויסגראַבלען — טרוו. ־בל אויס, ~
געגראַבלט. 1. גראַבלען ביזן מאַכן אַ פֿאַרטיפֿונג.
א אַ נאָרע. 2. אַרויסנעמען מיט די נעגל,
,
מיט אַ שפּיציקן מכשיר. *א, די אויגן = אויך:
א) צעקראַצן ס'פּנים; ב) אויסזידלען,
פֿירוואַרפֿן. „האָסט ניט וואָס צו טאָן? נעם אַ
שפּילקע און גראַבל דיר אויס די אויגן„, פֿוול.
3. אַרויסקריגן עפּעס דורך זוכן מיט פֿינגער.
„זי האָט אויסגעגראַבלט דאָס גאַנצע
קליינגעלט וואָס זי האָט געהאַט אין האַנטבײַטל“,
אַש, גראָסמאַן און זון. 4. אַזוי ווי
גראַבלענדיק אַרויסקריגן (מיט מאַטערניש). „אין
בלIוט]ו גראַבל ...און גראַבל אונדז פֿון
בלוט אויס אַ משיח„, צײַט, מטטרון. „פֿלעגט

ער א, פֿון זכרון די רציחות פֿון די

פֿאַבריקאַנטן,,, אר, 'די נײַע .,

אויסגראַבלען זיך — ← דפֿוו. אויך: זיך

לאַנג מיישבֿ זײַן, זיך פֿאָרקען אַ לענגערע צײַט.

אויסגראָבן — טרוו. גראָב אויס, ~געגראָבן.

1. גראָבן ביז פֿאַרענדיקן, מאַכן אַ גרובֿ,

פֿאַרטיפֿונג אין דער ערד. ,,און איטלעכער האָט זיך

אויסגעגראָבן אַ גרובֿ און האָט זיך באַגראָבן

אין דעם גרובֿ“, נחבֿ. ,,דער וואָס גראָבט אָבער

אויס אַגרובֿ דער פֿאַלט טאַקי אַלייו אַרײַן

אינים“, מס, קהלת, י, 8. 2. אַוועקגראָבן,

אַראָפּגראָבן. ,,ווען איין גרוישר בערג מיט זאנט

[= זאַמד] זאָל אויז גיגראָבין ווערין אונ,

מאַן נעמט אלי יום נור איין וויניק דאַר פֿון

אַיזט דאָך דיא האָפֿנונג דאָש מאַן אין קאָן

ענטליך הין וועק מאכין,,, גה, 19. 3.

אַרויסנעמען פֿון דער ערד. א, בולבע (קאַרטאָפֿל),

ציבעלעס אע. א, מעטאַלן, מינעראַלן. 4.

דורכפֿירן אַרכעאָלאָגישע זוכונגען. ,,מע האָט

אויסגעגראָבן די שטאָט לכיש“. 5. געפֿינען נאָכן

זוכן; דערגיין נאָכן פֿאָרשן. דערטאַפּן עפּעס

וואָס איז שווער אויסצוגעפֿינען. א, אַ סוד. א,

אַ שווערע קשיא. ,,די פּאָליציי האָט

אויסגעגראָבן די גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דעם פֿאַרברעכער“. אויסגראָבן פֿון (אונטער) דער ערד = קונציק אַרויסקריגן וואָס איז באַהאַלטן.
פֿלעגט מען א, שידוכים, זוכן יחוס, א, פֿון
„...
דער ערד רבנים, לומדים, שוחטים, חזנים, בטלנים“, ממוס, שלמה. 6. אַרכ. אויסקריצן, אויסגראַווירן. מ□t און מלל פֿאַרטײַטשן 'ופּתחת עליהם שמות, (שמות, כח, 9). „אויז גראבן„, „אויש גראבן„..

אויסגראַבעווען —. טרוו. ־בעווע אויס, ~ געגראַבעוועט. 1. אויסגראַבלען ←. 2. אויסבאַראַבעווען ←.

אויסגראַגען — ־גע אויס, ~געגראַגעט. אוטוו — אַרויסברענגען ווי אַ ראָב קלאַנגען גראַ־גראַ. טרוו — אויסדריקן עפּעס דורך גראַגען. א, אומצופֿרידנקייט, ווייטיק אאַ.

אויסגראַגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. גראַגען און אויפֿהערן.

אויסגראַגערן — ־ער אויס, ~געגראַגערט. אוטוו — פֿאַרענדיקן אָדער אָנהייבן קלאַפּן, טומלען מיט אַ גראַגער. א, און פֿאַרהילכן. טרוו — 1. פֿאַרטומלען. *א, המנען = גראַגערן בײַם איטלעכן מאָל דערמאָנען דעם

נאָמען המן בעתן לייענען מגילת אסתּר.
2. אויסדערציילן, אויספּלאַפּלען. א, אַ סוד. „וואו נאָר אַ סוד — גראַגערט ער אויס, דער שיינער דאָקטער„, שע, ,אַן עצה'.

אויסגראַגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. גראַגערן און אויפֿהערן. אויסשרײַען זיך, אויסטומלען זיך.

אויסגראַדואירן —י טרוו (אויך אוטוו מיט פֿ ו ן). גראַדואיר אויס, ~גראַדואירט. גראַדואירן (פֿון) אַ צאָל לערנאַנשטאַלטן. „מײַן זון האָט אויסגראַדואירט ווער ווייס וויפֿל שולן און האָט דיפּלאָמען, אָבער צו פּרנסה קומט עס ניט“, רייד.

אויסגראָדן — טרוו. גראָד אויס, ~געגראָדט. אויך מיט ז י ך. 1. מאַכן גראָד; אויסגלײַכן; מאַכן ווערטיקאַל אָדער האָריזאָנטאַל.
2. מאַט — מאַכן עס זאָל זײַן גראָד, זיך טיילן אויף צוויי. א, אַ ווינקל = עס זאָל זײַן 90°.

אויסגראַווירן — טרוו. גראַוויר אויס, ~(גע)־גראַווירט. אויסשנײַדן, אויסקריצן אין מעטאַל,

אויסגראָשענען

שטיין (אותיות, צייכנס, פֿיגורן). א, אַ

מגנדוד, אַ מנורה. א, איניציאַלן. „אויף דער
מויער זענען געווען אויסגעגראַווירט מיט
גרויס אומנות אַלערליי בּיימער“, ייִט, טאָג,
1957 I □ו 29. “שטיל, דאָס שפּילט דער טאַטע,
און די קלאַנגען — אויסגראַווירט אין לופֿטן„,
סוצ, סיבּיר.
אויסגדאָזן — טרוו. גראָז אויס, ~געגראָזט.
1. אויסרײַסן, בּאַפֿרײַען פֿון גראָז. אויפֿעסן
גראָז. „די שעפּסן וועלן. א, דאָס גאַנצע פֿעלד„.
2. בּאַדעקן מיט גראָז, פֿאַרזייען גראָז. א,
דאָס שטיקל הויף הינטערן הויז.
אויסגראַטולירן — טרוו. ־ליר אויס, ~
גראַטולירט. גראַטולירן אַלעמען פֿון אַ גרופּע.
א, יעדערן בּאַזונדער פֿון דער גאַנצער טרופּע
מיט דער שיינער פֿאָרשטעלונג.
אויסגראַטע(נע)ן —— טרוו. ־טע אויס, ~
געגראַטעט. אַרײַנשטעלן גראַטעס אין אַ צאָל
(פֿענצטער, טירן, קעמערלעך פֿון תּפֿיסה). פּפֿ:
~גראַטעווען.
אויסגראַטקעווען — טרוו. גראַטקעווע אויס,
~געגראַטקעוועט. אויך: ~גראַדקעווען.
מאַכן גראַדקעס, פּאָליצעס פֿאַר כּלים (אין קיך,
האַנטקאַמער, שפּיזאַרניע). „אָט די וואַנט דאַרף
מען א', וועט מען האָבן וואו צו האַלטן די

טעפּ און די פֿאַנען,,, רייד.

אויסגראַטשען — טרוו. גראַטשע אויס, ~געגראַטשעט. פּד. 1. אויסדראַפּען, אויסגראַבלען, אויסקראַצן. ,,איך וועל אים, דעם ליגנער, א, דאָס פּנים, א, די אויגן". 2. אויסגלאָצן (די אויגן). ,,...בלײַבט אַ ווײַלע שטיין און גראַטשעט אויס די אויגן, ווי ער וואָלט דערזען..."', י. ליס, אילוסטר, וועלט, ת,,א, 1958.

אויסגראַטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געגראַטשקעט. סל. אָפּטאָן גיך, אין אײַלעניש. א, די אַרבעט.

אויסגראַמען — טרוו. גראַם אויס, ~ געגראַמט. 1. שאַפֿן לידער מיט גראַמען, איר. פֿאַרענדיקן מאַכן גראַמען. "דער בדחן האָט אויסגעגראַמט די ליד, לאַנג ווי דער גלות". 2. דורך גראַמען אויסדריקן עפּעס, זיך באַפֿרײַען פֿון עפּעס. נעאָל. ,,דעם אייגענעם שרעק אַ ביסל א, פֿון זיך", יג, תּוך.

אויסגראַמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניט קענען מער שרײַבן לידער, מאַכן גראַמען.

אויסגראַניטעווען —. טרוו. ־טעווע אויס, ~גראַניטעוועט. אויסהאַקן פֿון גראַניט; מאַכן פֿעסט, שטאַרק ווי גראַניט.

אויסגראַנקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~ געגראַנקעוועט. לאָקל, קאָוונע. אויסשטעלן זאַך אין באַזונדערע גראַנקעס (אויף אָפּצוציִען קאָרעקטור, אויף אויסבּרעכן אין אַרטיקלען).

אויסגראַפּ(טש)ען — טרוו. פּד. ־פּ(טש)ע אויס, ~געגראָפּ(טש)עט. דזוו אויסדראַפּען ←.

אויסגראָשענען — טרוו. גראָשן אויס, ~ געגראָשנט. [אינפּ זן]. 1. אַרויסקריגן גראָשנווײַז. „איך האָב שפּעטער קוים אויסגעגראָשנט דעם הונדערטער וואָס ער האָט געליִען", רייד. 2. צעטיילן גראָשנווײַז. גראָשנט אויס די עטלעכע זלאָטעס צווישן אַלע בּעטלער.

אויסגראָשענען זיך

אויסגראָשענען זיך — אוטוו. ← דפּוו. ניט האָבּן מער נאָכן צעטיילן גראָשנווײַז; צעפּטרן געלט (כּוחות, ענערגיע) אויף קלייניקייסן.

אויסגרוביאַנעווען —. דזוו אויסגראָביאַנעווען ←.

אויסגרוזען — טרוו. ־זע אויס, ~געגרוזעט. אויך: ~גרוזיען, ~גרוזנען. סל. אויסלאָדן, אויספּאַקן. „אויסגעגרוזעט מיט גרויסע

צרות דעם באַגאַזש,,, שע, אין די וואַרעמבעדער.

אויסגרוילן — גרויל אויס, ~געגרוילט.

טרוו — שטאַרק אָנשרעקן, אָנוואַרפֿן אַ גרויל. א, די קינדער מיט שרעקלעכע מעשׂיות.

אומפּ — דורכגענומען ווערן מיט גרויל.

,,עס האָט מיך אויסגעגרוילט, ווען איך האָב דערהערט אַזעלכע טרויעריקע נײַס,,.

אויסגרויען — טרוו. גרוי אויס, ~געגרויט.

אויך: ~גראָען. מאַכן גרוי; באַפֿאַרבן מיט גרויער פֿאַרב. מאַכן ניט קענטלעך. אויך אוטוו — מיטאַמאָל ווערן גרוי. דער טאָג הייבט אָן א'.

אויסגרויען זיך — אוטוו. ← דפּוו. קריגן גרויע האָר. ווערן אומאינטערעסאַנט, גלײַך ווי אַנדערע פֿריִער האָט ער זיך געוואָרפֿן

.,,

אין די אויגן, איצט האָט ער זיך אויסגעגרויט און טיילט זיך ניט אויס פֿון דער גרופּע“.

אויסגרונטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~געגרונטעוועט. 1. אויסגראָבן פֿון גרונט, פֿון דער טיף. 2. אויסגעפֿינען, גוט אויספֿאָרשן.

אויסגרופּירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגרופּירן. ,,עס שטעלט זיך

איַין אַ נאַטירלעכע א', אַז מענטשן אידייאיש נאָענטע זאָלן שלאָפֿן איינע לעבן די אַנדערע", הל, אויף צאַרישער קאַטאָרגע.

אויסגרופּירן —, טרוו. ־פּיר אויס, ~(גע)־ גרופּירט. אויססאָרטירן, אויסטיילן אין באַזונדערע גרופּעס. א, מענטשן, זאַכן, געדאַנקען. מיט זיך — אַליין אויסשטעלן זיך אין גרופּעס.

אויסגר􏰀בלען — טרוו. ־בל אויס, ~ געגריבלט. 1. מאַכן גריבלעך (גריבער, לעכער). 2. אויספֿאָרשן דורך פֿאַרטיפֿן זיך אין ענין; אויסחקירהן. א, עמעצנס מאָטיוון.

אויסגריוונען — גריוון אויס, ~געגריוונט. מאַכן גריוון. „מע קען ניט א, קאַטשקע־הויט", רייד.

אויסגריז(י)ען, ~גריזשען — טרוו. ־ז(י)ע, ־זשע אויס; ~געגריז(י)עט, ~גריזשעט. 1. אויסעסן אַ לאָך מיט שאַרפֿע ציין. א, לעכער אין קעז. 2. שטאַרק גריזשען, ביז ס'ענדיקט זיך מאַטעריאַל; אויסקײַען. „ס'לעצטע גרעזל אויסגעגריזשעט מיטן סאַמע וואָרצל„, הל, 'אַלטמאָדיש,. 3. צווינגען עמעצן (דורך שלעכטער באַציאונג) צו פֿאַרלאָזן אַ פּלאַץ. א, עמעצן פֿון זײַן שטעל. *זיך א, דאָס האַרץ

= (זיך נעמען) שטאַרק זאָרגן, האָבן חרטה.
אויסגריזנען — טרוו. ־נע אויס, ~
געגריזנעט. סל. פֿאַרבֿרודיקן; שמוציק מאַכן אַ צאָל
זאַכן. „...האָט געליִען טעפּ, זיי אויסגעגריזנעט
און זיי צוריקגעבֿראַכט אומגעשײַערט“, דייד.
אויסגרײַזלען — טרוו. גרײַזל אויס, ~

געגרײַזלט. 1. מאַכן גרײַז(ע)לעך, לעקלעך,
לאָקן; גרײַזלען האָר פֿון אַ צאָל קעפּ. אַ, די
האָר. „פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג האָט מען
אויסגעגרײַזלט די מיידלעך“. 2. אויסצאַצקען,
אויסציקלען אַ שריפֿט. „דער ווינקל־אַדוואָקאַט
האָט אויסגעגרײַזלט אַ פּאַפּיר צום
סטאַראָסטע“. 3. אויספּוצן, אויסצאַצקען בכלל.
"...לחלוטין ניט צופּוצן און א, אַ געשיכטע",
מוק, פּרץ און ייִדיש טעאַטער. 4. אויסציִען
אַ ניגון, זיך גאָרגלען בײַם זינגען. דער חזן
גרײַזלט אויס דעם 'אָדם יסודו מעפֿר'.
אויסגרײַזלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסגרײַזלען.
אויסגרײַזן —. גרײַז אויס, ~געגרײַזט. אוטוו
— מאַכן אַ סך אָדער שווערע פֿעלערן. שווער
א, אין לעבן. טרוו — 1. אָנמאַכן אַ סך גרײַזן
אין אַ צאָל (פּלעצער). „אַנשטאָט צו פֿאַרריכטן

די העפֿטן, האָסטו זיי נאָך מער
אויסגעגרײַזט,,. 2. אויספֿאַרריכטן גרײַזן, אאר.
אויסגרייטן — טרוו. גרייט אויס, ~געגרייט.
מאַכן אַלץ גרייט, צוגרייטן וואָס איז נייטיק.
א, פֿאַר די געסט אַ טיש, מיט אַלעם גוטן.
אויסגרייכן — גרייך אויס, ~געגרייכט.
אוטוו — אויסזײַן אומעטום. א, וואו די וועלט
האָט אַן עק. טרוו — דערגרייכן אַ סך, קריגן
דאָס בּאַגערטע. א, אַלץ וואָס עס גלוסט זיך.
אויסגרייסן — טרוו. גרייס אויס, ~געגרייסט.
גרויס מאַכן; שטאַרק, אומעטום לויבּן. א, דעם
רבּין; א, אַ געראָטענעם תּלמיד. ,,ער האַט
אויסגעגרייסט [דעם ים] מיט זײַן שטאַרקייט'',
ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן. מיט ז י ך
= זיך אַרויסשטעלן, זיך בּאַרימען.

▯

אויסגרײַסן — אוטוו. גרײַף אויס, ~געגרײַפֿט.
ריכטיק האַלטן (די פֿידל, די סטרונעס) מיט
די פֿינגער פֿון דער (לינקער) האַנט;
דערגרייכן מיט די פֿינגער אַלע פּאָזיציעס אויף די
סטרונעס. ,,בּײַם לערנען שפּילן פֿידל איז דער
עיקר לערנען א''.
אויסגרילן — גריל אויס, ~געגרילט. אוטוו —
אַרויסבּרענגען גרילציקע קלאַנגען (ווי אַ גריל).

טרוו — עפּעס אויסדריקן דורך קלאַנגען ווי אַ גריל.

אויסגרילצן, ~גרילצערן — טרוו. גרילץ (־צע) אויס, ~געגרילצ(ער)ט. 1. שרײַאיק, קוויטשיק אַרויסברענגען קלאַנגען. א, אַן ענטפֿער. 2. שלעכט שפּילן אויף אַן אינסטרומענט. א, עפּעס אויפֿן פֿידל.

אויסגרימירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) גרימירט. פֿאַרענדיקן גרימירן; גרימירן אַ צאָל. א, אַלע אַקטיאָרן.

אויסגרימען — גרים אויס, ~געגרימט. אוטוו — אויסווייטיקן, דורכטראָגן אַ סך פּײַן. „ויי, ווײ, וויפֿל די אַלטינקע האָט שוין אויסגעגרימט אין איר לעבן„, רייד. טרוו — מיט כּעס, גרימעניש, מיט פֿאַרקלעמטע ציין אַרויסברענגען עפּעס. א, דאָס גאַנצע ביטערניש. „איך בין דיר מקנא — האָט...אויסגעגרימט אַ באַיאָרטע אָרעמע ייִדענע“, בערג, בײַם דניעפּער II.

אויסגרימען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. האָבן ווייטיקן; בייזערן זיך און אויפֿהערן.

אויסגרימפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~

גרימפּלט. שלעכט אויסשפּילן. א, אויף אַ
באַלאַלײַקע.
אויסגרינדן — טרוו. גרינד אויס, ~
געגרינדט (?). אַרכ. דערגרונטעווען זיך, געפֿי..
נען די טעמים, פֿאַרשטיין. „דען די מעשׂים פֿון
הש״י ב„ה זענין אין מיגלעך [=אוממעגלעך]
אויז צו טראכטין אודיר אויז צו גרינדין„,
גה, 2. „די סודות [פֿון די תּפֿילות] זיינן
ניט אויש צו גרינדן„, לט1/2, 13.
אויסגרינדן זיך — אוטוו. גרינד זיך אויס,
זיך ~געגרינדט. 1. זיך באַדעקן מיט לישײַען,
מיט אַן אויסשלאָג. קריגן אַ פּאַרך. 2. ווערן
אויסגעהיילט פֿון אַ פּאַרך, אַן אויסשלאָג.
אויסגרינען — גרין אויס, ~געגרינט. אוטוו —
ווערן גרין. „די בלעטער גרינען אויס“. טרוו
— מאַכן גרין, באַפֿאַרבן מיט גרינער פֿאַרב
אַ צאָל זאַכן. א, די ווענט.
אויסגרינען זיך — אוטוו. ←דפֿוו. 1. ווערן
אינגאַנצן גרין. „די לאָנקע האָט זיך
אויסגעגרינט„. 2. פֿאַרלירן אייגנשאַפֿטן פֿון
אימיגראַנט, זיך אַרײַנפּאַסן אין אָרטיקן (
אַמעריקאַנער) לעבן, זיך אײַנבירגערן אין לאַנד.
פֿאַרזוך די באַנאַנע, וועסט זיך א',,, אַר, '

ראָט,, —
שילד און ראַקעפּעלער.. ,,אַז כ'וועל זיך אַ
ביסל א', רעכן איך אַליין צו עפֿענען אַ פלאַץ,,,
אָפּאַ, היברו.
אויסגריסן — טרוו. גריס אויס, ~געגריסט.
גריסן אַ צאָל מענטשן, אַלעמען. א, איטלעכן
באַזונדער.
אויסגריסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
באַגריסן מיט אַלע(מען) פֿון אַ גרופּע. ,,איך האָב
זיך שוין אויסגעגריסט מיט אַלע געסט אין
זאַל; איצט קען מען מאַכן אַ לחיים", רייד.
אויסגריפֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~
געגריפֿלט. מאַכן ליניעס מיט אַ גריפֿל. א, דעם
טאָוול.
אויסגרעבליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע)
אויס, ~געגרעבליע(ווע)ט. דזוו
אויסגראַבליען ←.
אויסגרעבן —. טרוו. גרעב אויס, ~געגרעבט.
1. מאַכן גראָב, גרעבער. מער אָנשטאָפּן. ,,
צושיטן פּוך און א, די קישעלעך,,. 2. מאַכן
פֿאַר אַ גראָבערן (גרעבערן) מענטש; גײַסטיק
נידעריקער מאַכן. די סבֿיבֿה וועט אים א,.
אויסגרעבן זיך — ←דפֿוו. רעפֿל פֿון
אויסגרעבן. אויך: קריגן אַ בײַכל, פֿעט ווערן. זיך

א, אויף גוטע קעסט.
אויסגרעמפּליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע)
אויס, ~געגרעמפּליע(ווע)ט. 1. אויסרייניקן,
אויסקאַמען וואָל מיט אַ גרעמפּליע (
אינסטרומענט מיט לאַנגע אײַזערנע ציין, אַרײַנגעהאַקט
אין אַ בּרעט). 2. דזוו אויסגרימפּלען ←.
אויסגרענעצירן — טרוו. ־יר אויס, ~
גרענעצירט. לר. פֿטמ. דזוו אויסגרענעצן.
אויסגרענעצן — טרוו. ־נעץ אויס, ~
געגרענעצט. 1. אָנצייכענען אָדער אויפֿשטעלן
גרענעצן אַרום אַ צאָל (פֿעלדער, לענדער אאַ).
אויפֿשטעלן אַ גרענעץ אַרום איין זאַך.
2. אויסזונדערן, אָפּטיילן מיט קאָנטיקע סימנים
א שטח צו טראַכטן פֿאָרשן. א, איין סכום
—   ,
בּאַגריפֿן פֿון אַלע אַנדערע.

אויסגרעפּצן

אויסגרעפּצן, ~גרעפּסן, ~גרעפּצען,
~גרעפּסען — גרעפּץ (־פּס, ־צע, ־סע)
אויס, ~געגרעפּצ(ע)ט, ~גרעפּס(ע)ט. אוטוו
— אָרויסבּרענגען אַ גרעפּץ. טרוו — 1. דורך
גרעפּצן אַרויסבּרענגען ריח פֿון געגעסענע

מאכלים. א, דעם טשאָלנט. 2. עפּעס
אַרויסבּרענגען מיט אומקלאָרע קלאַנגען (גראָבּ). א,
די נאַרישע טענה. „...אַ געלעכטער
אויסגעגרעפּצט אַיעדע ווײַלע“, פּמ, מלחמה.
אויסגרעפּצן זיך — אוטוו. ←דפֿוו. 1. גרעפּצן
און אויפֿהערן. 2. אויסטענהן זיך (גראָבּ).
אויסדאָבּאַוועז — טרוו. ־ווע אויס, ~
דאָבּאַוועט. סל. אויך: ~דערבּאַוועז. צולייגן
(שׂכירות, פּאָרציעס אאַ) צו אַ צאָל. א, די
אַרבּעטער צו קעלישקלעך אָקאָוויט.
אויסדאָבּוועז — טרוו. ־ווע אויס, ~
דאָבּוועט. סל. וורר און אוקר: ~דאַבּיוועז,
~דערבּיוועז. אַרויסקריגן אַ צאָל זאַכן,
געפֿינען, קריגן פֿון אומעטום נאָכן זוכן פֿון
. „
וואַנעט האָסטו אויסדאָבּוּועט אַזעלכע
שטיוואַלעס?“, רייד. *א, די לעבּער = שטאַרק דערגיין
די יאָרן; זיך רייצן, אַרײַנזאָגן, ניצן
שטעכווערטלעך.
אויסדאגהן — [...דײַגען] דאגה אויס, ~
געדאגהט. אוטוו — דאגהן וועגן אַ צאָל
(מענטשן, זאַכן), שטאַרק זאָרגן זיך. א, וועגן
אַלע קינדער און אייניקלעך. א, וועגן איטלעכן
בּאַזונדער. טרוו — דורך דאגות, דורך זאָרגן

עפּעס דערגרייכן. א, אַ שטיקל פּרנסה. א, אַ מיטל צו די צרות.

אויסדאגהן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. דזוו דאנהן. 2. דאגהן און אויפֿהערן. „זיך שוין אויסגעדאגהט, מע מעג שוין האָבן אַ שעה פֿון שלווה“.

אויסדאַוו(ע)נען — דאַוון אויס, ~געדאַוונט [אין לד ניטאָ קיין 'ע, נאָך ,וו']. אוטוו — אויסזײַן אין אַ צאָל ערטער דאַוונענדיק. „דער חזן האָט שוין אויסגעדאַוונט אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך„. טרוו — 1. דורכדאַוונען אַלע אָדער אַ צאָל תּפֿילות. א, דאָס גאַנצע סידורל. פֿיל תּפֿילות האָט מען אויסגעדאַוונט פֿיל

„ .

טאָוולען מיט מענטשנרעכט פֿאַרשריבן...“, סעג, דאָרטן. 2. פֿאַרענדיקן דאַוונען, אָפּדאַוונען אויף גיך. „דאָרט האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן גאָר שפּעט. מ'האָט שוין געהאַט גאָר אויסגעדאַוונט“, 'גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. „ווי איך הער אַז מע רופֿט 'מקודש', מוז איך געך א, די שמונהעשׂרה“, שבֿחי בעש“ט, 1/14. 3. אויסבעטן, דערגרייכן דורך דאַוונען. „באָם זיי ווען במשך פֿון יאָר נישט א, [פֿאַרן קייסער] אַ בן־זכר...„, ייִט, טאָג, 1959 16.

אויסדאַוו(ע)נען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך אויסגיסן דאָס האַרץ דורך דאַוונען אַ סך; פֿאַרענדיקן דאַוונען. „ער האָט זיך אויסגעדאַוונט און ס'איז אים גרינגער געוואָרן“.
2. מער ניט זײַן בכּוח צו דאַוונען ווי געהעריק פֿאַרן עמוד. „דער חזן האָט זיך שוין אויסגעדאַוונט, קיינער וויל אים שוין ניט גיין הערן“.
אויסדאַטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) דאַטירט. אַוועקשטעלן דאַטעס אויף אַ צאָל (

דאָ210

קומענטן, בריוו אאַ) פֿאַרענדיקן דאַטירן. א,

.

בריוו מיט דער נעכטיקער דאַטע.
אויסדאָיבען — טרוו. ־בע אויס, ~ געדאָיבעט. פֿפֿ: ~דויבען. 1. אויסקלאַפּן, אויסהוילן מיט אַ דלאָטע, אויסדאָלבען. 2. מאַכן פֿאַרטיפֿונג (שפּאַלט, קאַרב) מיט אַ טשוועקל, מעסערל אאַ. 3. אויסלערנען אויף אויסנווייניק (און ניט פֿאַרשטיין).

אויסדאַכטונג — די, ־ען. דאָס וואָס עס דאַכט זיך אויס; אָפּשײַן פֿון עפּעס. „מיט נאָר אַן א, פֿון אַ באַריר באַשערסטו און מאַכסט לעבעדיק צוריק“, הל, 'די אייביקע צוויי'.
אויסדאַכטן — טרוו. דאַכט אויס, ~געדאַכט(ן). אַרכ. מיי. אויסטראַכטן. מלל פֿאַרטײַטשט: 'אַשר בדא מלבו, (מלכים א, יב, 33) — „אויש גידאכט“ [תּי: אויסגעקלערט].
אויסדאַכטן זיך — אוטוו. ←דפֿוו. 1. אומפּ. אויסווײַזן זיך, אויסמאָלן זיך. „עס האָט מיר שוין זיך אויסגעדאַכט, ווי אָט גיט ער מיך אַ וואָרף און נעמט אַרויס אַ גרויסן חלף“, ממוס, קליאַטשע. „די ערשטע צײַט האָט זיך מיר אויף מײַן ווײַב אַלץ אויסגעדאַכט אַז עס דרייט זיך גלאַט אַרום אַ מיידל אין שטוב“, ספּ, יודישער קאָלאָניסט. 2. (סאַרקאַסטיש) מע מעג זײַן זיכער. „זאָל זיך דיר א, אַז קיין געלט פֿון מיר וועסטו שוין ניט קריגן!“ 3. דריטפּערזאָניק. זיך אײַנרעדן, פֿאַנטאַזירן, חלומען אויף דער וואָר, זען וויזיעס. „די פּוסטע ערטער דאַכט זיך אויס ווי ליידיקע פּלעצער אין מיטן אַ געדיכטן וואַלד — דאָס זענען די טיכלעך און פֿאַטשיילעס אויף די קעפּ פֿון די גלופּסקער צנועות“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

אויסדאַכטעניש — דאָס, ־ן. פֿאַנטאַזיע, דמיון, חשד, חשש; שוואַכע השערה; אָפּשײַן אָן אַ פֿאַקטישן יסוד.
אויסדאַכן — טרוו. דאַך אויס, ~געדאַכט. באַדעקן מיט אַ דאַך. ,,ווי נאָר מע וועט א, און אויספֿענצטערן דאָס הויז, וועלן מיר אָפּשטעלן די אַרבעט,,, רייד (מאַריאַמפּאָל, ליטע).
אויסדאָלבען — טרוו. ־בע אויס, ~ געדאָלבעט. אויסהאַקן אַ לאָך (לעכל) מיט אַ דלאָטע (אָדער אַן אַנדער שאַרפֿן אינסטרומענט). א, לעכער פֿאַר קלינעס.
אויסדאַלובען
— טרוו. ־בע
1. מיט עפּעס
רייאויס. ~(גע)
דאַלובעט. פּפֿ: ~דל
אָבען.
ניקן, קראַצן (צווישן די ציין, אין אַ שפּאַלט). א, די ציין מיט אַ נאָדל. 2. אַרויסקריגן עפּעס פֿון אַ שפּאַלט אָדער לעכל, אויסקאַלופּען.
אויסדאָליען — אַקוזוו. ־ליע אויס, ~ געדאָליעט. סל. אַרויסקריגן, דערשלאָגן זיך צו אַ בעסערן מצבֿ (מזל, דאָליע). ,,דאָס דאָברע

מזל וואָס זי האָט שוין בײַ אים
אויסגעדאָליעט“, רייד, (כערסאָן, אוק).
אויסדאָ'למעטשערן — טרוו. ־טשער אויס,
~געדאָלמעטשערט. פּפֿ: ~טאָלמעטשערן.
(ווי ניט איז) דורכפֿירן די אַרבעט פֿון אַ
דאָלמעטשער, (געווײנטלעך איר). „ער האָט ניט
פֿאַרשטאַנען ס'לשון און זײַן ווײַב האָט פֿאַר
אים געדאַרפֿט א, “.

אויסדאָקאַזשען

אויסדאַמף — דער, ־ן. פּפֿ: ~דאַמ .
רעזולטאַט פֿון אויסדאַמפֿן. סכום פֿליסיקייט וואָס
ווערט פֿאַרוואַנדלט אין גאַז, פּאַרע. סכום גאַז,
פּאַרע אין אַ באַשטימטן שטח. „וואָס העכער
עס איז די טעמפּעראַטור אַלץ גרעסער איז
דער א, “.

אויסדאַמפּונג, ~דאַמסונג — די, ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדאַמפֿן.
אויסדאַמפֿן — דאַמפּ אויס, ~געדאַמפּט. פּפֿ:

~דאַמפֿן. אוטוו — פֿון זיך פֿאַרוואַנדלט ווערן אין גאַז; צעגיין, צעשפּרייטן זיו אין דער לופֿט. „ווי דעם אויג וואָס האָט געזען טרערן א, אויף דעכער“, הל, 'אויפֿן בוידעם שלאָפֿט דער דאַך'. טרוו — פֿאַרוואַנדלען פֿליסיקייט אין גאַז (געוויינטלעך וואַסער אין פּאַרע) מיט דער הילף פֿון אַ העכערער טעמפּעראַטור; אויספּאַרען.

אויסדאַמפּן, ~דאַמסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (פֿון זיך, אָן באַמיאונגען) ווערן דאַמף. „דאָס וואַסער אין טעצעלע וועט זיך א'“. „מע שטעלט אַוועק די מאַמעליגע אויפֿן פֿײַער כּדי דאָס וואַסער זאָל זיך פֿון איר א'“, אפֿא,...עבֿרי־טײַטש.

אויסדאַנקעווען — ־קעווע אויס, ~ געדאַנקעוועט. דזוו אויסדאַנקען ←, נאָר איר.

אויסדאַנקען — טרוו. דאַנק אויס, ~ געדאַנקט. באַדאַנקען אַ צאָל, איטלעכן פֿון אַ גרופּע. „,...מחויבֿ יעדערן באַזונדער אויסצודאַנקען פֿאַר העלפֿן מיר“.

אויסדאָסן — טרוו. דאָס אויס, ~געדאָסט. 1. (גראָבֿ) אַרויסברענגען פֿון זיך צואה, עפּעס

מיט דער צואה. „ס'קינד האָט אויסגעדאָסט
דאָס קנעפּל וואָס עס האָט אײַנגעשלונגען“.
2. (וואול) אַרויסגעבּן אינפאָרמאַציע,
אַרויסזאָגן (אַ וואָרט, אַ זאַץ) אויף אַ שלעכטן אופן,
קעגן ווילן. „ער איז אַ שוטה און וועט א,
וואָס ער ווייסט„. 3. בּכלל ניט אײַנהאַלטן
אין זיך און אַרויסבּרענגען עפּעס.
אויסדאָסן זיך — אוטוו. ← דפוו. 1. (וואול)
האָבּן שטולגאַנג 2. בּמקום־ווערבּ פאַר:
אויסשפּײַען, אויסכראַקען אע. „אויף אַזאַ
שטיקל אַרבּעט קען איך זיך א'„. 3.
בּמקומווערבּ פאַר יעדער מין טאָן, אַרבּעטן וואָס איז
שלעכט אָדער זייער פּאַמעלעך; פאַראַכטלעך
ווענן אויסקלײַבּן זיך עפּעס צו טאָן. „בּיז
מע וועט זיך דאָרט א, צו שיקן אַ...“,
גאָלדשטיין, בּירעבּידזשאַן אַפן אַמור.
אויסדאָפּטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געדאָפּטשעט. וורר. פּפ: ~דעפּטשען. דזוו
אויסטאָפּטשען ←. אויסטרעטן, אויסטראַמפּלען
(מיט די פיס, קאָפּיטעס). א אַלע בּייטן.

,

אויסדאַצן — טרוו. דאַץ אויס, ~געדאַצט.
געווינען אַ צאָל (מאָל, זאַכן). אויסנאַרן בּײַ אַ
שפּיל, אויסנאַרן בּכלל. א, אַלץ וואָס אין

בײַטעלע.

אויסדאָקאַזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~דאָקאַזשעט. סל. פּפֿ: ~דערקאַזשען. 1. אַלץ אַרויסקריגן; מיט מי דערגרייכן, קריגן. א, וואָס מע וויל. 2. דערלויבן זיך (אויסצוגעבן, צו טאָן). "די חתונה האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטיק, אָבער איך וועל עס א'", רייד.

אויסדאַקוטשען

אויסדאַקוטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~(גע)־דאַקוטשעט. פּפֿ: ~דאָקוטשען, ~דערקוטשען. סל. 1. מאַטערן מיט רייד (אַ צאָל מענטשן). א, ווי אַ נודניק. 2. אַרויסקריגן עפּעס דורך דאַקוטשען. א, דאָס פּאַפּירל וואָס מע האָט געוואָלט קריגן.

אויסדאָקומענטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~דאָקומענטירט. באַווײַזן מיט דאָקומענטן. „אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז ריכטיק אויסדאָקומענטירט".

אויסדאָקטערן — טרוו. ־ער אויס, ~געדאָקטערט. 1. אויסהערן ווי אַ דאָקטער; אויסהיילן, ס'רובֿ איר. „דער יונגערמאַן דאָקטערט אויס, אָבער היילן קען ער נאָך ניט„.

רייד. 2. מאַכן פֿאַר אַ שטיקל דאָקטער.
„דער שווער האָט אויסגעדאָקטערט דעם
איידעם“, אאר. 3. אויסקלערן קונציקע
מיטלען, געפֿינען סגולות. „מיר אַלע קענען זיך
קיין עצה ניט געבן, וואָס זשע וועט ער דאָ א'?“
אויסדאָקטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. גיין זיך היילן בײַ פֿאַרשיידענע דאָקטוירים.
זיך א, בײַ אַלע ספּעציאַליסטן. 2. אויפֿהערן
זיך היילן בײַ דאָקטוירים. „גענוג געלט שוין
אָפּגעקאָסט. איך האָב זיך שוין
אויסגעדאָקטערט און פֿאַרלאָז זיך אויפֿן
רבונו־של־עולם“,
רייד. 3. אויפֿהערן (ניט קענען מער) זײַן אַ
דאָקטער. “ער איז שוין אַ זיבעציקער און
האָט זיך שוין אויסגעדאָקטערט“. 4. ווערן
אַ מומחה אין דאָקטערישער פּראָפֿעסיע.
אויסדאַרבן — טרוו. דאַרב אויס, ~געדאַרבט.
מאַכן האַרט פֿעסט. „מע דאַרף די פֿעלן
טרי—   ,
קענען אויף דער זון און זיי א'„.
אויסדאַרבן זיך — אוטוו. ←דפֿוו. שטאַרק
אויסהונגערן זיך; אויסמאָרען זיך.
אויסדאַרן — דאַר אויס, ~געדאַרט. אויך מיט
זי ך. אוטוו — ווערן אינגאַנצן דאַר, מאָגער,

אויסגעצערט, איַינגעפֿאַלן. *דער מוח דאַרט (מיר, אים) אויס = האָבן זייער אַ סך זאָרג און עס זיך נעמען צום האַרצן. "וויפֿל אים דאַרט אויס דער מוח איידער ער קריגט אַ שידוך פֿאַר זײַן טאָכטער", ייִפֿאָל, 1887, No 48. קללה: אַ, זאָל בײַ אים דער מוח (קאָפּ).

טרוו — 1. מאַכן דאַר, מאָגער, שלאַף; אויסטריקענען. „אלוסטיג האַרץ מאַכט אלייכטיג פּנים, אבֿוטער [= אַ ביטער] גמיט אָבֿר דאַרט אויס די גלידער", מס, משלי, יז, 22. „דעם גאַנצן הויף האָט ער געלאָזט אויסדאַרן, אַבֿי נישט נעמען קיין פּדיונות", אַש, תּהילים־ייִד. 2. דזוו אויסהאַרן ←. דאַרטס אויס! (קאָלאָמיי).

אויסדאַרעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדאַרן. אַ קראַנקייט בײַ וועלכער מע ווערט זייער מאָגער. „צו מאָגערקייט, א', האָט די אַלטע גויע געגעבן עפּעס מיני קרײַטעכצער„, ממוס, שלמה.

▯

אויסדאַרסן — אַקוזוו. דאַרף אויס, ~ געדאַרפֿט. דאַרפֿן אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן.

— — ,

„וואָס אַ מענטש דאַרף ניט אַלץ אויס אין

פֿאַרלויף פֿון זײַן לעבן“.
אויסדאָרשטן — אַקוזוו. דאָרשט אויס, ~
געדאָרשט. פּפֿ: ~דאַרשטן. [אויך אוטוו מיט
פּרעפּ נ אָ ך]. שטאַרק באַגערן ((ווי אַ
דאָרשטיקער אַ ביסל וואַסער); באַגערן און קריגן.

211

,,ער האָט אויסגעדאָרשט איר שמייכל, איר
וואונק מיט די אויגן“. ,,ויהי — קוים האָב
איך אויסגעדאָרשט מײַן בענקשאַפֿט צו דער
זעאונג,,, סוצ, ,אין פֿײַערוואָגן'.
אויסדאָרשטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן
דאָרשטיק, וועלן טרינקען. ,,שוין דאָרשטן
אויס זיך ליפּן פֿון באַגינען“, פּמ. 2. ווערן
אויס דאָרשטיק (מחמת לאַנג וואַרטן). ,,קענסט
צוריק□.ין מיט דײַן גלאָז וואַסער, איך האָב
זיו שוין אויסגעדאָרשט“, אאר. 3. האָבן
שטאַרקן פֿאַרלאַנג צו עפּעס (וואָס מע האָט
שוין לאַנג אָדער קיינמאָל ניט געהאַט). ,,א,
זיך נאָך ויסן“.
אויסדבֿרן — [...דאַ'בֿערן] טרוו. דבֿר אויס,
~גערבֿרט. 1. אויסרעדן [געניצט אַ
ניטייִד זאָל ניט פֿאַרשטיין]. 2. שאַרף אויסרעדן,

פֿירהאַלטן; אַרײַנזאָגן אַ פּאָרציע מוסר.
3. אויסדערציילן, אויספּלאַפּלען. „זי קען ניט האַלטן ס'מויל, זי האָט עס געמוזט א, ".
אויסדבֿרן זיך — [...דאַבֿערן] אוטוו. ← דפֿוו.
אויסטענהן זיך, זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרץ (מיט בּיטול). „איר זעט דאָך אַז ער גייט אַרום אַן אָנגעבלאָזענער, זאָל ער זיך א, ".
אויסדבֿקע(נע)ן — [...דווייקע(נע)ן] טרוו. דבֿקע אויס, ~געדבֿקעט. אויסדריקן עפּעס מיט אַ פֿאַרטיפֿט רעליגיעז געפֿיל, מיט אינעווייניקסטער התלהבֿות. א, אַ תּפֿילה. „דער ווילנער חזן האָט נישט נאָר אויסגעזונגען, נאָר ממש אויסגעדבֿקעט י. ל. פּרצעס ' געבֿעט, ", טאָג, 1959 III 19.

-

אויסדבֿרן — [...דע'ווערן] טרוו. דבֿר אויס, ~געדבֿרט. אויך מיט ז י ך. אויסמאָרען פֿאַר,
מאָדען, מאַכן דאַר און שוואַך; אויסהונגערן.
אויסדובֿען, ~דויבֿען — טרוו. דו(י)בֿע אויס, ~געדו(י)בֿעט. דזוו אויסדאָיבֿען ←.
אויסדודלען — טרוו. ־דל אויס, ~געדודלט. אויסשפּילן אויף אַ פֿײַפֿל אַ דודעלע. א,

עטלעכע מעלאָדיעס.

אויסדודען — טרוו. ־דע אויס, ~געדודעט. אויך מיט ז י ך. אויסשפּילן אויף אַ דודע.

אויסדויער — דער, ־ן, ־ס. 1. אַקט פֿון אויסהאַלטן אַ שווערן צושטאַנד. 2. פֿעאיקייט אויסצוהאַלטן, אויסצושטיין, אויסצוּוואַרטן; געדולד. „די מיידלעך־סטודענטן [האָבן] פֿאַרמאָגט מער א, ווי די מענער־סטודענטן„, מוק, מײַנע באַגעגענישן. „אונדזער שפּראַך...אַ שפּראַך פֿון אויסדויער און אויסטראָגן אַ גלות אויפֿן קאַרק", סעג, איצטער. 3. פֿעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט. מיט א, ווײַטער פֿירן דעם שווערן קאַמף. 4. מוזט. געדויער, די צײַט וואָס אַ קלאַנג ציט זיך. „דער א, איז בײַ אײַך צו קורץ, איר זעט דאָך אַז איר האָט האַלבע נאָטן".

אויסדויערדיק — אַדי. וואָס ציט זיך אַ לענגערע צײַט; וואָס פֿאַרמאָגט, האָט אין זיך אויסדויער. אַן א, וואַרטן; א'ער קאַמף.

אויסדויערדיקייט — די (דאָס), ־ן. [מצ זן]. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסדויערדיק. אויסהאַלטעוודיקייט. אַן א, ממש צו באַוואונדערן.

אויסרויערונג — די, ־ען פּראָצעס אָדער

אויסדומען

רעזולטאַט פֿון אויסדויערן. דזוו אויסדויער.
„[אַזאָ] א, טרעפֿט טאַקע בײַ...אָרעמע בחורים,,,
אמד, עוזר צינקעס און די צינ.
אויסדויעריש — אַדי. אויסגעהאַלטן; וואָס
האָט אין זיך פֿעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט. מיט
א'ן געדולד.
אויסדויערן — ־ער אויס, ~געדויערט.
אוטוו — אויסהאַלטן; אויסוואַרטן. „ס'איז מיר
טאַקע שווער, אָבער איך וועל א, “. אוטוו,
דריטפּערזאָניק — ציִען זיך, דויערן אַ לאַנגע
צײַט. „וויפֿל שעה עס האָט אויסגעדויערט,
ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צום הויפּט,,.
טרוו — איבערלעבן, אויסהאַלטן צרות. א, די
מלחמה.
אויסדוכטיקן — ־טיק אויס, ~געדוכטיקט.
נעאָל. אויסטראַכטן, שאַפֿן אין דמיון;
אויספֿאַנטאַזירן; שאַפֿן ווי אַ רעזולטאַט פֿון
אָפּדאַכטעניש. „...די פֿאַנטאַזיע פֿון אַן
אינטערעסאַנטן גײַסטיק־קראַנקן וואָס האָט געהאַט
אויסגעדוכטיקט אַ 'גרונטשפּרוך', וואָס פֿון אים
זײַנען עס רעשטן די אַלע סימבאָלישע שײַכותן“,

מוו, איבּז, אַרײַנפֿיך אין
פּסיכאָאַנאַליזאויסדוכטן זיך — אוטוו. דוכט זיך אויס,
זיך ~געדוכט. לד. דזוו אויסדאַכטן זיך ←.
"'מאָדערן, און 'קלאַסיש, זײַנען ניט אַזעלכע
באַשטימטע באַגריפֿן, ווי עס קען זיך א',,,
שנ I.
אויסדוכטעניש — די, ־ן. לד. דזוו
אויסדאַכטעניש ←. "...שלאָגן מיטן שטערן...אין
אייגענעם פֿאַרשווינדלטן שאָטן אַרײַן, אין דער
אייגענער אַנטפּלעקטער א,", הל, 'די אייביקע
צווײ',.
אויסדוכנען — [...דו'כענען] דוכן אויס, ~
געדוכנט. אוטוו פֿאַרענדיקן דוכנען. דוכנען אַ

סך מאָל. טרוו — טאָן עפּעס נאָך לאַנגע הכנות,
נאָכן באַלעמוטשען. ,,גאָט צו דאַנקען, שוין
אויסגעדוכנט דאָס שטיקל אַרבעט,,, אאר.
אויסדולבען, ~דולובען — טרוו. ־בע אויס,
~געדולבעט (~געדולובעט). דזוו
אויסדאַלובען ←.
ילדיקן. איבערטראָגן מיט געדולד;

אויסדולד — טרוו. דולד אויס, ~געדולדעט.

~ ▯ ▯ ▯

זײַן געדולדיק אַ לענגערע צײַט. „ווער קען עס א אַלץ פֿון אים?“, אאר. „ווען אַלע פֿעלקער

,

האָבן כּוח געזאַמלט און באַניצט אויף מאָרד, האָבן מיר כּוחות געזאַמלט אויף א, די שלעכטע צײַט“, פּרץ, 'בילדונג,.

אויסדולן — טרוו. דול אויס, ~געדולט.

אָנטומלען; מאַכן עמעצן דול, צעטומלט פֿון רעדן, שרײַען, אע. א, אַ קאָפּ.

אויסדולן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אויסשטיפֿן זיך, אויסטומלען זיך. „חבֿרה זינגען און טאַנצן און דולן זיך אויס“. 2. טומלען, דולן ביז ניט קענען (ווילן) מער. „די קינדער האָבן זיך שוין אויסגעדולט און זיי זיצן פֿאַרמאַטערטע„. 3. קומען צו אַ טאָלק נאָך אַ פֿאַרדרייעניש. „אַמאָל סטײַעט ניט צו דער קאַסע עטלעכע מיליאַרד, איז ביז מע דולט זיך אויס וואוהין זיי זײַנען אַהינגעקומען — איז שוין שפּעט אין דער נאַכט“, בריוו.

אויסדומען — טרוו. ־מע אויס, ~געדומעט.

סל. אויסקלערן, שאַפֿן אין געדאַנק. „נאָר

אויסדונסטן

דער בעל־דמיונות האָט אויסגעדומעט אַזעלכע
זאַכן,,, איבז, עגנון, אַ פשוטע מע[illegible]ה.

אויסדונסטן — טרוו. דונסט אויס, ~געדונסט. (זאַמעט). אַרויסגעבן דונסט, פּאַרע; אַרויסגעבן טשאַד. אויספּאַרען. א, וואַסער.

אויסדונסטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסדאַמפּן זיך. אויספּאַרען זיך.

אויסדונערן — ־ער אויס, ~געדונערט.
1. דריטפּערזאָניק — פּלוצעם אָנהייבן דונערן. ,,עס האָט אויסגעדונערט אַ שרעקלעכער דונער‘‘. 2. אַקוזוו — אַרויסגעבן אַ דונער. ,,גאָט האָט אויסגעדונערט אַ דונער‘‘. 3. טרוו — אַרויסגעבן באַפֿעלן מיט אַ דונערדיקער שטים; הויך שרײַען. ,,הוראַ! האָבן אויסגעדונערט אַלע געסט און אויפֿגעהויבן די באָקאַלן‘‘, שע, בלאָנדזענדע שטערן.

אויסדונערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דונערן און אויפֿהערן. ,,עס האָט זיך אויסגעדונערט און א[illegible]ע[illegible] זיר

— אוטוו. דופֿע זיך אויס,
יסג רעגנט, איצט שײַנט ווידער די זון,,.

זיך ~געדופֿעט. ▯a▯u▯:▯ <. פֿאַרלאָזן זיך, זיך שטיצן אויף עמעצנס רייד (צוזאָגן). א, זיך אויף גוטע פֿרײַנד.

אויסדוצן — טרוו. דוץ אויס, ~געדוצט. דזוו דוצן, זײַן אויף דו. „ער האָט אונדז אויסגעדוצט, פּונקט ווי מיר וואָלטן אים שוין לאַנג געקענט„.

אויסדורען — טרוו. ־רע אויס, ~געדורעט. סל. אויסנאַרן עפּעס; מאָכן עמעצן צום נאַר, פֿאַרווייען דעם קאָפּ. א, עמעצן מיט וויצעלעך.

אויסדורען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן אַ נאַר, אַ שוטה. „נאָכן דורכגיין די קלאַסן האָט ער ערשט רעכט זיך אויסגעדורעט“, רייד.

אויסדורשטן (זיך) — דורשט (זיך) אויס, (זיך) ~געדורשט. לר. דזוו אויסדאָרשטן (זיך) ←.

אויסדושען — טרוו. ־שע אויס, ~געדושעט. מיט ז י ך , קזוו. סל. אויסשטיקן, אויסווערגן. „דער טכויר האָט אויסגעדושעט אַלע הינער“.

אויסדזוואָנען — טרוו. ־נע אויס, ~געדזוואָנעט. אוקר. סל. אויסקלינגען. א, די מעשׂיות וועגן רבין.

אויסדזשובּען — טרוו. ־בּע אויס, ~
געדזשובּעט. אויך: ~דזיובּען, ~דזיאָבּען.
1. אויספּיקן, מיט אַ שנאָבּל מאַכן אַ לאָך;
אַרויסקריגן עפּעס מיט אַ שנאָבּל. א, די אויגן.
קללה: „מע זאָל אײַך א, אין אַ ליכטיקער
נאַכט„. 2. דזוו אויסדאָיבּען ←. 3.
אַרויספּיקן אומפֿלייט פֿון די פֿעדערן. די קאַטשקעס
דזיאָבּען אויס איינע בײַ דער אַנדערער.
אויסדז(ש)יקען זיך — אוטוו. ־קע זיך
אויס, זיך ~געדז(ש)יקעט. סל. רײַסן. 1. ווערן
ווילד, דזיק. „די פֿערד האָבּן זיך אויסגעדזיקעט
און לאָזן זיך ניט אײַנשפּאַנען“. 2. ווערן
מענטשלעכער, אָנווערן ווילדקייט.
אויס די אויגן — פֿראַזע. אַוועק פֿון די
אויגן. „אויס די אויגן — אויס דעם האַרצן“,
שוו. „איך האבּ דיר עש ניט פֿר איבּל, דוא
בּישט ניא גנץ אין דער גיוואוניג קומן אונ,
מכשט אויש דען אויגן אויש דען הערצין“,
פּראָגבּ, ז, 56. [אַזוי אויך בּ▯נרנשטיין, אָבּער

בּײַ יא שטערנטיכל: „פֿין די אויגין, פֿינים
האַרצין„. אויך: אויסן אויג, אויסן האַרץ].

אויסדיטקע(ווע, נע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אויס, ~געדיטקע(ווע)ט. אויספֿאַרקויפֿן גראָשנווײַז. „די מאַרק־ייִדענע האָט אויסגעדיטקעט איר ביסל סחורה“. [דיטקע = 3 גראָשנ־].

אויסדייוערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געדייוערט. אויסדבֿרן ←.

אויסדײַטן — טרוו. דײַט אויס, ~געדײַט. ← אויסטײַטן. [אויך אוטוו מיט א ו י ף].
1. קלאָר אָנווײַזן; אויסטײַטשן. קלאָר א, וואָס יעדער שערבל באַטײַט. „דניאל האָט אים דערקלערט און אויסגעדײַט די שריפֿט וואָס דער מלאך האָט געשריבן“, אמד, שוד ורצח, ווילנע 1880. 2. אָנווײַזן אויפֿן שולדיקן (ביי אַ משפּט). א, [אויף] איינעם צווישן אַ צאָל.

אויסדײַטשן זיך — אוטוו. דײַטש זיך אויס, זיך ~געדײַטשט. לר. אָנטאָן זיך לויט דער מאָדע, ווי אַ דײַטש. רעדן ייִדיש אַלאַ דײַטש, מיט פּתחן. „ער האָט זיך אויסגעדײַטשט און די לבֿנה אויפֿן הימל איז ביי אים לעוואַנאַ„.

אויסדייקען — טרוו. ־קע אויס, ~געדייקעט. אוקר. 1. אַרויסקריגן מיט גוואַלד, דורך סטראַשען. „איך האָב עס ניט געגעבן מיטן גוטן ווילן, ער האָט עס אויסגעדייקעט“. 2. אַרויסקריגן דורכן בעטן אַ סך;

אַרויסקוועטשן (אַ טובֿהלע). „מילא, האָט ער
אויסגעדייקעט עטלעכע גראָשן“. 3. אַרויסגנבֿענען.
אויסדיכטן — טרוו. דיכט אויס, ~
געדיכט(עט). דטשמ. שאַפֿן פּאָעזיע. א, אַ
סאָנעט.
אויסדיכען — טרוו. ־כע אויס, ~געדיכעט.
פּפֿ: ~דעכען. 1. אויסאָטעמען;
אַרויסלאָזן קלאַנגען מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם.
„ער האָט קוים אויסגעדיכעט: 'אַ דאָקטער!'“.
2. ← אויסדושען. „אַזעלכע ממזרים, א, דאַרף
מען זיי!„..
אויסדיכען זיך — ← דפֿוו. אוקר. אויסוועפּן
זיך.
אויסדילײַבען — דזוו אויסדליבען ←.
אויסדינגען — טרוו. דינג אויס, ~געדונגען.
1. אַראָפּקריגן פֿון פּרײַז דורך באָטן
ווייניקער; אַראָפּדינגען. א, אַ גילדן, גריוונע אאַ.
א, פֿון פויער דאָס וועגעלע האָלץ. „עט! מאַך
איך, וואָס ווילסטו בײַ מיר א'? מילא, שענק
איך דיר שוין דאָס נאמנות...“, ממוס, פֿישקע.
„זיך אויסגעקוקט אַ גאָט, אויסגעדונגען דעם
פּרײַז און...האָט גענומען דעם גאָט אונטערן
אָרעם„, קאָראַלניק 2 .II. קריגן בעסערע
באַדינגונגען דורך אונטערהאַנדלונגען. „יחיאל

איז צופֿרידן וואָס ער האָט פֿאַר זײַנע גויים
אויך עפּעס אויסגעדונגען״, אַש, תּהילים־ייִד.
3. אויסקאָנקורירן מיט אָנבאָטן (צאָלן) אַ
העכערן פּרײַז. „ווען איינר וואָש דינגט...
זאָלשטו אימש ניט אַוועק נעמן אָבער אויש
דינגן״, עיון, 1/64. „איינער איז געגאַנגען א,
אין דאָרף וואָס דרינן איז געזעסן איין
געמיינער מאַן און אַ מטופּל„, שבֿחי בעש״ט.
„האָט דערווײַל אים עמעצער אויסגעדונגען די
קרעטשמע, אַ גרויסע הוספֿה געגעבן״, פּרץ.
4 פֿאַרדינגען אויף אַ געוויסער צײַט. „די דירה
.
האָב איך אים אויסגעדונגען נאָר אויף די צוויי

אויסדיסקוטירן

זומער־חדשים״. 5. סתּם דורכקומען מיטן
פּרײַז, קומען צו אַ מקח השווה. „אַז ער
האָט דערזען דעם פּערל בײַ ר, עקיבֿא האָט ער
אים אויסגעדונגען בײַ אים, און האָט אים
געגעבן, ער זאָל מיט אים אַהיים גיין, וועט
ער אים באַצאָלן„, לט2, 1/71.
אויסדינגען זיך — ← דפֿוו. פֿאַר זיך
אויסדינגען בב 2—1. „קורץ, איך האָב מיך מיט

זיי אויסגעדונגען, באַצאָלט, אָפּגעגעבן זייערס,,,
ממןס, קליאַטשע.
אויסדינגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס דינגט אויס. ,,עס האָבן ניט געפֿעלט קיין
א'ס וואָס פֿלעגן פֿאַרלויפֿן צום פּריץ און
אויסדינגען פֿון זײַן שטענדיקן סוחר,,, יק.
אויסדינסטונג — די, ־ען. פּפֿ: ~דונסטונג.
דטשמ. פּאַרע; דאָס וואָס פּאַרעט זיך אויס;
שלעכטער ריח. ,,דער פֿראָסט האָט אויסגעצויגן
די שלעכטע א'ען,,, קמ, 49 1864, No.
אויסדינען 1 — דין אויס, ~געדינט. [לאַנגע
י אין פּד.] אוטוו פֿאַרענדיקן די צײַט פֿון
־
דינען (וועגן אַ משרת, זעלנער אאַזוו). א,
ניקאָלײַקען גאַנצע פֿינף יאָר. טרוו — דינען
אַ צאָל (האַרן, געטער, פּרינציפּן, אידייען).
,,וויפֿל פּראָגראַמען און פּאַרטייען זײַנען שוין
אויסגעדינט געוואָרן פֿון די זעלביקע מענטשן“.
*א אַלע עבֿודה־זרות (ווי יתרו) = זײַן אַ
פֿאַ,
נאַטישער אָנהענגער פֿון כלערליי שיטות,
פּראָגראַמען, פֿירערס.
אויסדינען 11 — טרוו. דין אויס, ~געדינט.
אויך מיט ז י ך. מאַכן דין, דינער;

פֿאַרקלענערן די גרעבּ. „מע דאַרף די מעטאַלענע פּלאַטן נאָך מער א'“.
אויסדינען זיך — אוטוו. דין זיך אויס, זיך ~געדינט. 1. אויפֿהערן צו דינען, אָפּזײַן די באַשטימטע צײַט ווי אַ באַדינער, זעלנער אאַזוו. *א, זיך ווי אַ ניקאָלאַיעוו(סק)ער סאָלדאַט = שווער, אַ לאַנגע צײַט דינען און אויפֿהערן. [אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט האָט געדאַרפֿט דינען 25 יאָר]. 2. ווערן שוואַך, אַלט פֿון אַרבעט, אָפּגעניצעוועט ווערן. „אַ מטבּע קען זיך אויך אויסדינען“, פֿוול, [געבּויט אויף ווש צווישן אויסדינען I און II].
אויסדיסטילירן — טרוו. ־יר אויס, ~ דיסטילירט. אויך: ~דיסטיליזירן. אויסרייניקן אַ פֿליסיקייט אויף אַ כעמישן אָדער פֿיזישן אופֿן. „דאָס וואַסער איז שוין געוואָרן אינגאַנצן אויסדיסטילי(זי)רט„.
אויסדיסציפּלינירן — טרוו. ־ניר אויס, ~דיסציפּלינירט. 1. אונטערוואַרפֿן אונטער (שטרענגער) דיסציפּלין און דערגרייכן רעזולטאַט. א, קינדער אַזוי ווי זעלנערס. 2. אײַנשטעלן אַ רוטין, אַ שטענדיקן גאַנג (בײַ געוויסע אַרבעטן, בײַם טראַכטן). א, דעם מוח.
אויסדיסקאָנטירן — טרוו. ־טיר אויס,

~(גע)דיסקאָנטירט. קריגן געלט פֿאַר
וועקסלען פֿון קונים. א, אַ פּאָרטפֿעל (מיט) וועקסלען.
אויסדיסקוטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
דיסקוטירט. דיסקוטירן אַ סך, פֿון אַלע זײַטן,
אַ צאָל (ענינים, פּראָבלעמען). „די פֿראַגע איז
שוין אויסדיסקוטירט געוואָרן אויף צענדליקער
זיצונגען“.

אויסדיפּלאָמאַטעווען

אויסדיפּלאָמאַטעווען — טרוו. ־טעווע
אויס, ~(גע)דיפּלאָמאַטעוועט. איר, פּועלן דורך
דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. א, אַ
צוזאָג וואָס האָט ניט קיין ווערט. „די אידעאַלע...
געזעלשאַפֿט זײַנע באַשענקט ער מיט אַ קאַלטער
אוניווערסאַלער רעליגיע, וואָס ער דיפּל
אָמאַטעוועט אויס פֿאַר איר מיט פֿאַרשיידענע
פֿילאָסאָפֿישע קונצן„, צײַט, טמז, 13 1961 I.
אויסדיקטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
דיקטירט. 1. מאַכן מע זאָל שרײַבן אַ צאָל
דיקטאַטן, דיקטירן אַלץ וואָס נייטיק. „א,
ווערטער מיט אַ 'ת, אין מיטן וואָרט„. 2. באַפֿעלן,
פֿאָרשרײַבן מיט אַ סך פּרטים.
אויסדיקטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~

געדיקטעוועט. 1. דיקטירן (אָפּטמאָל מיט ביטול). 2. 'מחבר זײַן', פּאַרפֿאַסן, — ל2. „דער גבֿיר קען אַליין אַ רוסישע פּראָשעניע א'„, קמ, 17 l867, No.

אויסדיריגירן — טרוו. ־גיר אויס, ~ דיריגירט. 1. דיריגירן אַ צאָל (קאָנצערטן, סימפֿאָניעס אע). „דער אַלטער קאָמפּאָזיטאָר האָט אין זײַן לעבן אויסדיריגירט הונדערטער קאָנצערטן". 2. אָנווײַזן מיט פּרטים (וואָס צו טאָן, ווי זיך צו פֿירן). "מיר אַליין קענען קיין זאַך ניט טאָן, אַלץ ווערט אויסדיריגירט".

אויסדישען — טרוו. ־שע אויס, ~געדישעט. דזוו אויסדושען ←. „אומקערן די פֿריִערדיקע צײַט און א, די אַפּיקורסים", קמ, 7 l870, No. אויך סל: אויסאָטעמען. דזוו אויסדיכען.

אויסדלאָטע(ווע)ן — טרוו. ־טע(ווע) אויס, ~געדלאָטע(ווע)ט. מיט אַ דלאָטע מאַכן אַ פּאַרטיפֿונג (אין האָלץ).

־ ד עו. אויך: ~דעלובעז.

אַרויסאויסרליב — טרוו. ־בע אויס, ~געדליבעט.

פּ : ~

קריגן עפּעס פֿון אַ שפּאַלט, קאַרב פּאַרטיפֿונג

,

(מיט נעגל, אַ שפּיציקן אינסטרומענט).
אויסקאַלופּען. „מיט וואָסערע מיטלען מ'זאָל ניט אויסדליבען די אײַנגעשלאָפֿענע אידילישע רואיקייט“, פּמ, פֿאַרבײַגייענדיק.
אויסדלפֿנען — [...דאַ'לפֿענען] טרוו. דלפֿן אויס, ~געדלפֿנט. אויסשנאָרן, אויסבעטלען, אָרויסקריגן עפּעס דורך מאַכן זיך פֿאַר אַן אָרעמאַן. ליטע. „דער סוחר האָט אויסגעדלפֿנט די הלוואָה אין דער גמילות־חסדים־קאַסע„..
אויסדמיונען — [...די'מיענען] טרוו. דמיון אויס, ~געדמיונט. אויספֿאַנטאַזירן, אויסמאָלן עפּעס אין דמיון. א, גאָלדענע גליקן.
אויסדמען — [...דאַמען] טרוו. דם אויס, ~ געדמט. שטאַרק צעבלוטיקן; שלאָגן עס זאָל גיין אַ סך בלוט.
אויסדעבאַטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־ דעבאַטירט. אַרומרעדן אַן ענין פֿון אַלע זײַטן; דורך דעבאַטירן קומען צו אַן אויספֿיר. „די פֿראַגע איז שוין גענוג אויסדעבאַטירט געוואָרן אויף צוויי זיצונגען; איצט לאָמיר שטימען„..
אויסדע'ווערן — ← אויסדבֿרן. „ אויסגעדעוועט ווערן אויגן אויף פֿאַרשאָלטענעם יאַריד„,,

ע פֿינינבערג, לידער.

אויסדעזינפֿיצירן, ~דעזינפֿעקטירן —
טרוו. ־יר אויס, ~דעזינפֿיצירט, ~

דעזינפֿעק213

טירט. דורכפֿירן גרינטלעכע דעזינפֿעקציע פֿון
אַ צאָל (זאַכן, צימערן, הײַזער).
אויסדעכען — דזוו אויסדיכען ←.
אויסדעמאַגאָגעווען — ־געווע אויס, ~
דעמאַגאָגעוועט. אוטוו — זײַן אַ דעמאַגאָג אַ
געוויסע צײַט און אויפֿהערן; ניט קענען מער
דעמאַגאָגעווען. „ער איז געוואָרן מיושבֿדיקער
און האָט שוין אויסדעמאַגאָגעוועט“. טרוו —
אַרויסקריגן עפּעס דורך ווירקן אויף
ניטוויסן, אײַנרעדעניש, סענטימענטן פֿון עולם.
א, עס זאָל בלײַבן בײַם פֿריִערדיקן.

אויסדעמפּן, ~דעמסן — טרוו. דעמפּ (דעמף)
אויס, ~געדעמפּט (~געדעמפֿט). 1.
פֿאַרענדיקן דעמפּן, דה פּאַמעלעך, אויף אַ קליין
פֿײַער קאָכן מיט ווייניק וואַסער אָדער מיט אַ
צוגאָב פֿון פֿעטס, מיט אַ נידעריקן זיד־פּונקט,

אין אַ צוגעדעקטער כלי. א, פֿלייש, עפּל, פֿלוימען אאַ. דזוו אויסדאַמפּן ←.

אויסדעמסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדעמפֿן פֿון דער א, איז גאָר

.

געוואָרן אַ געבראָטנס.

אויסדעמפֿער — דער, ־ס. 1. ווער עס פּאַרעט אויס אַ פֿליסיקייט; אַרבעט ר וואָס אַרבעט בײַ אַ מאַשין אויף אויסצודאַמפֿן. 2. מאַשין וואָס גיט אַרויס פּאַרע, גאַזן.

אויסדענען — [וואָקאַל פֿון שטאַם ניט זיכע I טרוו. דען אויס, ~געדענט. אַרכ. אויסציִען, אויסשפּרייטן. „אונ, אלי האבן...דיא ארים אויז דינין אונ, געשפּראכין: דאש איז מיין גאָט איך וויל אים בשינין„, ה II [פֿון דעם שטאַם דטשמ: אויסדענונג = אויסשפּרייטונג. אויסדענבאַרקייט = אויסשפּרייטלעכקייט, אין קמ, 34 1865, No].

אויסדענקען — טרוו. דענק אויס, ~ געדענקט. 1. דטשמ. אויסטראַכטן. „אין זײַנע צײַטן איז אויסגעדענקט געוואָרן אויף אונדז

ייִדן דער שרעקלעכער שקר, אמד. 2. טראַכטן
פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן וועגן אַן אַבסטראַקטן
ענין און דערטראַכטן זיך צו אַן אויספֿיר.
פֿילאָסאָפֿן האָבן אויסגעדענקט פֿאַרשיידענע

„
טעאָריעס וועגן צײַט". „נאָכדעם ווי דער
געדאַנק איז שוין אויסגעדענקט, האָבן זיי ערשט
נישט קיין ווערטער פֿאַר דעם געדאַנק", נאַד.
אויסדעפּעשירן — טרוו. ־שיר אויס, ~(גע)־
דעפּעשירט. 1. טעלעגראַפֿירן צו אַ צאָל
מענטשן אָדער וועגן אַ צאָל ענינים. 2. גלײַך
אויסדערציילן, אויספּויקן, ענערגיש
פֿאַרשפּרייטן אַ נײַס.
אויסדעקאָלטירט — אַדי, פּאָר פֿון '
אויסדעקאָלטירן, (נבֿ). בכּיוון אַנטבלויזט,
אויסגעשניטן ווי אַ דעקאָלטע. „דער א'ער האַלדז
צוזאַמען מיט די אויפֿגעפֿלאַמטע באַקן האָבן
אַ בלענד געטאָן...", דעמבלין, צוויי און אַ
דריטער.
אויסדעקאָרירן — טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־
דעקאָרירט פֿאַרענדיקן אויספּוצן; דעקאָרירן אַ
.
צאָל (צימערן פֿענצטער אאַ).

,

אויסדעקונג — די, ־ען. 1. צודעק, באַדעקונג איבער אַ גאַנצער זאַך אָדער אַ צאָל זאַכן. „האָסט ווייניק שטאָף פֿאַר דער א, פֿון ביידע קאַנאַפּעס‟. 2. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדעקן.

אויסדערהרגענען

אויסדעקלאַמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~(גע)־דעקלאַמירט. אויך מיט ז י ך. 1. פֿײַערלעך, קינסטלעריש פֿאָרלייענען פֿון אָגהייב ביזן סוף; דעקלאַמירן אַ צאָל לידער. „קינדער וואָלטן [די לידער] אין ריטעם אויסגעזונגען...

אָדער אויסדעקלאַמירט‟, אַ. טאַבאַטשניק, דרום אַפֿריקע, X, 1957. 2. אַרויסזאָגן עפּעס מיט (געמאַכטער) וויכטיקייט; אַרויסברענגען עפּעס אויף אַן אומנאַטירלעכן, טעאַטראַלישן אופֿן. איר. „ער האָט צעשפּרייט די הענט, אָנגענומען אַ טראַגישע פּאָזע און מיט פּאַטאָס

אויסדעקלאַמירט...,,, אָפּאַ, 'מאָריס און ▯ײַן זון פֿיליפּ'.

אויסדעקן — טרוו. דעק אויס, ~געדעקט. 1. דעקן און פֿאַרענדיקן ביזן סוף. 2. באַלייגן אַ דאַך (מיט ברעטער, שינדלען, קאַכליעס אאַ). „עס פֿעלן שינדלען אויסצודעקן דאָס דעכל פֿון שטאַל‟. 3. אויסלייגן אַ דעק

(פֿון אַ קאַסטן אאַ) מיט פּאַפּיר אָדער מיט
עפּעס אַנדערס. 4. מאַכן אַ דעק, צודעק
איבּער אַ קאַסטן (קופֿערט אאַ). ,,אַלע קאַסטענעס
זײַנען שוין אָנגעפּאַקט מיט אויפּס; איצט דאַרף
מען זיי א,“. 5. פֿאַרשפּרייטן אַ בעט,
איבּערשפּרייטן מיט אַ דעק(ע), אַן איבּערצי.
אויסדערבּאַרעמטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אומבּרחמנותדיקייט. ,,און די א, געהערסטו צו
בּרויכן אויף צו שטראָפֿן די רשעים און זיך
נוקם זײַן...“, חה, 288.
אויסדערבּאַרעמען זיך — אוטוו. ־עם זיך
אויס, זיך ~דערבּאַרעמט. רחמנות האָבּן
אויף אַ צאָל; אינגאַנצן, בּיזן סוף
דערבּאַרעמען זיך.
אויסדערגרונטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~דערגרונטעוועט פֿולקום דערגרונטעווען;
.
דערגיין, אויספֿאָרשן פֿון אַלע זײַטן; דערגיין
וואָס איז פֿאַרבּאָרגן. ,,גאָטס דרכים קען מען
ניט א,,,.
אויסדערגרונטעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
דערגיין צום בּאַהאַלטענעם, פֿאַרבּאָרגענעם.
זיך א, צום סוד וואָס מאַטערט.
אויסדערגרייכן — טרוו. ־גרייך אויס, ~

דערגרייכט. אינגאַנצן (אין אַלע פּרטים) דערגרייכן; גרייכן צו אַ צאָל (צילן, זאַכן אאַ). א, אין איין יאָר מער ווי אין אַלע פֿריִערדיקע יאָרן צוזאַמען.

אויסדערדינען זיך — אוטוו. ־דין זיך אויס, זיך ~דערדינט. פֿטמ. דזוו דערדינען זיך, נאָר עמפֿאַטישער.

אויסדערהאַלטן — טרוו. ־האַלט אויס, ~ דערהאַלטן. דזוו אויסהאַלטן, בּאַהאַלטן, נאָר עמפֿאַטישער.

אויסדערהייבּן — טרוו. ־הייבּ אויס, ~ דערהויבּן. דערהייבּן אין אַלע פּרטים, צו גאָר אַ הויכער מדרגה; דערהייבּן עמעצן אָדער אַ צאָל. א אַ ייִנגערן איבּער אַלע עלטערע בּאַאַמטע.

אויסדערהייבּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַרויסהייבּן; זיך אויסטיילן פֿון צווישן אַ גרופּע (אויך אָן בּאַמיאונגען און בּוונה). א, זיך אַדאַנק די גרויסע כּשרונות.

אויסדערהרגענען — [...האַ'רגענען] טרוו. דערהרגע אויס, ~דערהרגעט. דערהרגע(נע)ן אַ סך, אַ גרופּע, אַלעמען. א, פֿרויען און קינדער.

אויסדערוואַרטן — טרוו. ־וואַרט אויס, ~דערוואַרט. אָפֿט מיט ז י ך. וואַרטן און דערוואַרטן זיך צום סוף אָדער אַ לענגערע צײַט. וואַרטן אויף אַ צאָל (זאַכן, פּאַסירונגען, מענטשן). קיין זאַך ניט א'. א, מיט געדולד אַ גוטן ענטפֿער פֿון בּיידע צדדים.

אויסדערווײַזן — טרוו. ־ווײַז אויס, ~ דערוויזן. 1. דערווײַזן בּיזן סוף, אַלץ וואָס נייטיק, אַ צאָל (ענינים). א, מיט נײַע עקספערימענטן. 2. בּאַווײַזן קלאָר, גרינטלעך; איבּערצײַגן פֿון וואַנען עס נעמט זיך די אָרעמ. ,, קייט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק — דאָס האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע שוין לאַנג אויסדערוויזן אויף קלאָר“, זשיט.

אויסדערווײַזן זיך — קזוו. ← דפֿוו. זיך קעגנזײַטיק בּאַרימען, זיך אַרויסשטעלן מיט פֿיזישע אָדער גײַסטיקע מעלות. זיך א, מיט גבֿורה, מיט □דיעות.

אויסדערווײַטערן — טרוו. ־טער אויס, ~דערווײַטערט. אויך מיט ז י ך. דערווײַטערן שטאַרק, אינגאַנצן אָדער אַ צאָל (מענטשן,

עניִנים). זיך א, פֿון אַלע שכנים.

אויסדערוויילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדערוויילן. מ□t פֿאַרטײַטשט ,ומבחר שלישיו, (שמות, טו, 4) ,,און, אויש דר ווילונג" [תּי: אויסגעקליבּענע]. ,,וואָס דער מענטש טוט...זיי זענען אין זײַן ווילן און אין זײַן א',,, חה, 261.

אויסדערווײלט □ אַדי, אָפּט סובּ. 1. וואָס איז אויסגעקליבּן ווי אַ דעפּוטאַט, פֿאָרשטייער. ,,ניט אַלע א'ע קאָנגרעסלײַט שטימען ווי עס ווילן זייערע קלײַבּערס". 2. וואָס איז דערהויבּן, אַרויסגעהויבּן פֿון צווישן אַ גרופּע; וואָס איז יחוסדיק; אויסנעמיק, אויסגעצייכנט.

□בּ, ז/בּ: "בּחור — אויז דער ווײלטער".

,,...צו הנט מיינם הערציגן ליבּן אויש דער ווילטן טרויטיגן [געטרײַען] מאַן דער פֿרום און, דער קלוג כּמר □יבּ יצו" [ישמרהו צורו

□

וגואלו], פּראָגבּ, 56. "אין דעם חסד וואָס גאָט טוט מיט זײַנע א'ע און מיט זײַנע געליבּטע אויף יענער־וועלט", חה, 388. ,,ער זאַמלט אַרום זיך נאָר די א'ע, נאָר די וואָס קאָנען זיך אָפּזאָגן אינגאַנצן פֿון די פֿאַרגעניגנס פֿון

דער וועלט“, אַש, תּהילים־ייִד. *דאָס א'ע פֿאָלק = דאָס ייִדישע פֿאָלק, אַתּה־בּחרתּנו־פֿאָלק, עם סגולה. “דאָס וועט זײַן אַן א, פֿאָלק און עס וועט נעמען אויף זיך אויסצופֿירן די געזעצן און די מנהגים וואָס דער גאָט וועט בּאַשטימען פֿאַר אים“, אַש, משה. „...ישׂראל זיינן זיין גיליבּט פֿאָלק און זיין אויז דר ווילט פֿאָלק פֿון אַל די זינדיק פֿעלקערן“, לט1.

אויסדערוויילטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסדערווײלט. „אונדזערע צרות האָבּן אונדז געגעבּן אַ קרוין פֿון א'“.

אויסדערווײלן — טרוו. ־ווייל אויס, ~ דערווײלט. 1. אויסקלײַבּן פֿון צווישן אַ סך. א, אַ פֿאָרשטייער, אַ פֿירשפּרעכער. „און זיי האָבּן זיך גענומען ווײַבּער וועמען נאָר זיי האָבּן אויסדערווײלט“, תּי, בּראשית, ו, 2. „ווען איך זײַן די גליקלעכסטע צווישן די שענסטע מיידלעך, וואָס ער וועט מיך א'?„, ספּ, סודות. 2. דערהייבּן, אַרויסהייבּן, אויסצייכענען. „דיך

האָט גאָט אויסדערוויילט אים צו זײַן פֿאַר זײַן אייגן פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער וואָס אויפֿן

געזיכט פֿון דער ערד“, תּ׳, דבֿרים, ז, 6. „דו דערוויילסט מיר בּעסער אויס איידער איך דערווייל מיר אויס“, חה, בּ, 218.
אויסדערוויסן זיך — אוטוו, אויך אַקוזוו.
דערוויס (זן דערווייס) זיך אויס, זיך ~ דערוואוסט. דערגיין (מיט קונציקע מיטלען) וואָס איז פֿאַרבּאָרגן; דערוויסן זיך אַ צאָל זאַכן. זיך א, וועגן אַ סך פּרטים וואָס מע האָט פֿריִער אויסבּאַהאַלטן.
אויסדערווישן — טרוו. ־וויש אויס, ~ דערווישט. אַרכ. אויסגעפֿינען, דערגיין פֿאַרבּאָרגנס; אויפֿכאַפּן. א, וואו עמעצער געפֿינט זיך. א, אַ סוד.
אויסדערוועקן — טרוו. ־וועק אויס, ~ דערוועקט. אינגאַנצן אויפֿוועקן (פֿון שלאָף פֿון פּאַסיווקייט אאַ) אַ צאָל מענטשן. א, דאָס גאַנצע דאָרף בּײַ אַ שׂריפֿה.
אויסדערווערגן — טרוו. ־ווערג אויס, ~ דערוואָרגן. (זן אויך: ~דערווערגט). פּפֿ: ~ דערוואַרגן. דערווערגן אַ צאָל. „דער טכויר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין הינערשטײַג און אויסדערוואָרגן אַלע הינדעלעך“.
אויסדערזען — טרוו. ־זע אויס, ~דערזען.

אינגאַנצן, מיט אַ סך פּרטים דערזען. דערבליקן
אַ צאָל זאַכן; דערזען פֿון דער ווײַט. „מיט
זײַן שאַרפֿן בליק האָט ער אויסדערזען די

.

צעוואָרפֿענע בריוו און פּאַפּירן און
פֿאַרשטאַנען אַז מע האָט געוואָלט זיי פֿאַרברענען“, רייד.
אויסדערטאַפּן — טרוו. ־טאַפּ אויס, ~
דערטאַפּט. דורך טאַפּן אַרויסקריגן; גוט
דורכטאַפּן אַ צאָל זאַכן. „האָט בנימין
אויסדערטאַפּט פֿון קעשענע דעם 'שבֿחי ירושלים'“,

ממוס, מסעו􀀀נ.
אויסדערטראָגן — טרוו. ־טראָג אויס, ~
דערטראָגן. 1. טראָגן ביזן סוף, מיט
שוועריקייט. דערטראָגן אַ צאָל זאַכן. „זי האָט
אויסדערטראָגן נײַן קינדער און אויסגעהאָדעוועט
בלויז פֿיר“. 2. איבערהאַלטן, אויסהאַלטן
צרות. א, לײַד און פּײַן.
אויסדערטראַכטן — טרוו. ־טראַכט אויס,
~דערטראַכט. אָפּט מיט ז י ך. אינגאַנצן אָדער
מיט שוועריקייט דורכטראַכטן, אויסקלערן אַ
צאָל זאַכן. א אַ גוטן פּלאַן. וואָס דאָס קינד קען

,

נאָר א'!

אויסדערטרענקען, ~טרינקען — טרוו.
־טרענק אויס, ~דערטרענקט. ביזן סוף
טרענקען. מאַכן מע (עס) זאָל דערטרונקען ווערן.
א אַלע הינטעלעך וואָס די צויג האָט געהאַט.

,

אויסדערכאַפּן — טרוו. ־כאַפּ אויס, ~
דערכאַפּט. כאַפּן אויף צוריק; דערכאַפּן אַ צאָל
זאַכן. מען קען ניט א, וואָס איז שוין אַרויס
פֿון מויל.
אויסדערלאָזן — טרוו. ־לאָז אויס, ~
דערלאָזט, ~דערלאָזן. צולאָזן, דערלויבן אינגאַנצן
אַ צאָל (זאַכן, מעשׂים). ניט א אַזעלכע ווילדע

,

שטיק.
אויסדערלאַנגען — ־לאַנג אויס, ~
דערלאַנגט. אוטוו — דערגרייכן אינגאַנצן צו אַ
צאָל זאַכן. „איך קען ניט א, צו די כּלים אויף
דער אייבערשטער פּאָליצע“. טרוו — געבן

אויסדערמינטערן

אין די הענט אַרײַן אַ צאָל זאַכן. א, דאָס
געצײַג (צו) אַלע בעלי־מלאָכות.

אויסדערלויבן — טרוו. ־לויב אויס, ~
דערלויבט. געבן דערלויבענישן אויף אַ צאָל
(זאַכן, טועווישן) אָדער צו אַ צאָל מענטשן.
,,הײַנט איז דער אָדון אין אַ גוטער שטימונג
און האָט אויסדערלויבט אַלץ וואָס מע האָט
אים געבעטן,,, רייד.
אויסדערלייגן — טרוו. ־לייג אויס, ~
דערלייגט. 1. צולייגן געלט צו אַ צאָל (
געשעפֿטן). א, אַ היפּש ביסל געלט צו אַלע
געשעפֿטן. 2. צוגעבן, דערלייגן זאַכן צו אַ
גרופּע. ,,די קינדער האָבן שוין באַקומען
המן־טאַשן; איצט דערלייגט מען זיי נאָך אויס
עטלעכע צוקערלעך“, רייד.
אויסדערלייזן — טרוו. ־לייז אויס, ~
דערלייזט. אויסלייזן אינגאַנצן; דערלייזן אַ צאָל,
אַ גרופּע (אָדער פֿון אַ צאָל פֿון אַ גרופּע).

,

,,זאָל גאָט ברוך הוא אונדז א, פֿון אַלע
שׂונאים. ,,פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט דאַרף מען פֿריִער
א, די פֿרויען, דערנאָך די מענער,,..
אויסדערלייענען — טרוו. ־לייען אויס,
~דערלייענט. דורכלייענען ביזן סוף אַ צאָל
(ביכער, אַרטיקלען אאַ). ניטאָ קיין געדולד א,
אַלע לאַנגע אַרטיקלען.

אויסדערלעבן — טרוו. ־לעב אויס, ~
דערלעבט. דערלעבן ביזן סוף, דורכלעבן אַלע (באַשערטע) יאָרן, לעבן לאַנג. „איך זאָל אַזוי אויסדערלעבן היינטיקן טאָג“, שבֿועה. א, די יאָרן, די טעג. „דער בשׂורה־זאָגער האָט ניט אויסדערלעבט דאָס יאָר, שׂכר פֿאַר דער בשׂורה“, קח. סג/ב.

אויסדערלעזן — אַדי. אַרכ. אויסדערוויילט.
„זי בילן בבֿא אום דען האַלז..., און,
אנפּינגן דען דעגן אויז דר לעזן“, בבא־בוך, 558.

אויסדערמאַנען, ~מאָנען — טרוו. ־מאַן, ־מאָן אויס, ~דערמאַנט, ~דערמאָנט. אָפּט מיט ז י ך. אינגאַנצן דערמאָנען וועגן אַ צאָל (זאַכן אָדער מענטשן). „ער האָט אים אויסדערמאַנט אַז אָפּגערעדט האָט מען אַנדערש“.

אויס(־)דער(־)מאָסן — אַדוו. אַרכ.
אויסערגעוויינטלעך. „דא ואנדן זי איין ברונן שון אויז דער מושן“, בבא־בוך, 349 [= זיי האָבן געפֿונען אַ ברונעם, אויסערגעוויינטלעך שיין].
„ווען ער וואַר אַז גר אויז דער מושן וויז,,, דאָרטן, 428.

אויסדערמאָרדן — טרוו. דערמאָרד אויס, ~דערמאָרד(ע)ט. אויסהרגענען; דערמאָרדן אַ סך (אַ גרופּע, אַלעמען). „די נאַציס האָבן

אויסדערמאָרדט אַלע ייִדן פֿון שטעטל,,.
אויסדערמונטערן — טרוו. ־טער אויס,
~דערמונטערט. צוגעבֿן מוט, אויפֿמונטערן אַ צאָל מענטשן; אינגאַנצן דערמונטערן. א, אויך די וואָס זײַנען געווען בײַ זיך געפֿאַלן.
אויסדערמינטערן — טרוו. ־טער אויס,
~דערמינטערט. 1. אַרויסברענגען אינגאַנצן פֿון חלשות; מינטערן אַ צאָל געחלשטע. מיטן ביסל יום־כיפּור־טראָפּנס א, אַ האַלבע שול ווײַבער. 2. אויפֿמונטערן, אַרויסברענגען פֿון געפֿאַלנקייט. א, די פֿאַרשלאָפֿענע, די שלאַבעריקע.

אויסדערנערן

אויסדע'רנערן — טרוו. דע'רנער אויס, ~
געדע'רנערט. אַרויסנעמען דערנער. א, דעם ווײַנגאָרטן.
אויסדערנע'רן — טרוו. דערנע'ר אויס, ~
דערנע'רט. אויסשפּײַזן, אויסהאַלטן מיט עסן אַ צאָל (באַשעפֿענישן). ,,זאָל השי"ת אונדז א, אַלע טעג פֿון אונדזער לעבֿן".
אויסדערפֿילן — טרוו. ־פֿיל אויס, ~
דערפֿילט. 1. שטאַרק פֿילן אַ צאָל (

איבֿערלעבֿונגען). א, אַלע צרות פֿון די שרעקלעכע טעג.
2. טאָן אַ חובֿ ביזן סוף. „דער ייִדישער
ווײַלער האָט אויסדערפֿילט זײַן חובֿ, ער
האָט...געשטימט“, ים, נײַס, 1923. 3.
דורכפֿירן בשלימות באַפֿעלן, פֿאַרלאַנגען. א, אַלע
געבאָטן פֿון דער תּורה.

אויסדערסרייען — טרוו. ־פֿריי אויס, ~
דערפֿרייט. אינגאַנצן דערפֿרייען. פֿאַרשאַפֿן פֿרייד

—

אַ גרופּע אָדער בנוגע אַ צאָל ענינים. א, די
גאַנצע משפּחה מיט התמדה און מיט איידעלער

הנהגה.
אויסדערסרישן — טרוו. ־פֿריש אויס,

~דערפֿרישט. אויך מיט ז י ך. מאַכן מע זאָל זיך פֿילן פֿריש (מונטער). א, מיט פֿריילעכע נײַסן.

אויסדערסרעגן — טרוו. ־פֿרעג אויס, ~ דערפֿרעגט. פֿרעגן מיט אַלע פּרטים בּיזן דערוויסן זיך. פֿאָרשן אַ צאָל (מענטשן). א, די אַרעסטירטע בּיז זיי וועלן זיך מודה זײַן.

אויסדערסרעגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך גוט נאָכפֿרעגן בּיזן דערגיין; זיך נאָכפֿרעגן וועגן אַ צאָל (מענטשן). זיך א, אויף קרובֿים און ערשט דערנאָך גיין צו זיי.
אויסדערצאָלן — טרוו. ־צאָל אויס, ~ דערצאָלט. צוגעבּן נאָך געלט, צוצאָלן פֿאַר אַ צאָל זאַכן אָדער צו אַ צאָל מענטשן. א, שווערע הונדערטער פֿאַר פֿאַרעלטערטע שטײַערן און שטראָפֿגעלט.
אויסדערצאָלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אינגאַנצן בּאַצאָלן אַלע חובֿות. זיך א, און זיך אויסליידיקן.
אויסדערציילן — טרוו. ־צייל אויס, ~

דערציילט. 1. דערציילן ביזן סוף, מיט אַלע
פּרטים אַלץ. „ווער קען א, די גרויסע רעות
וואָס ווערן געצויגן פֿון די וואָס האָבן קיין
בטחון אין גאָט ב״ה„, קה. „...און האָט
אָנגעהויבן אויסצודערציילן גאָר דאָס פֿאַלשקייט
פֿון דער מדינה״, נחב, יט/ד פֿלעגסט מיר

.„

א, דײַנע צרות פּעק, ווי עס איז דײַן לעבן
אומעטיק אַוועק״, אַר, אַ ייִדישע פּרוי'. *א,

,

דאָס האָרץ = זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן,
איבערגעבן געפֿילן, זאָרג, טראַכטענישן. „האָט
ער זיך מיישב געווען...און איז געגאַנגען
צום מלך פֿון דער מדינה און האָט אים
אויסדערציילט גאָר זײַן האַרץ״, נחב, לה/ג. *ניט
אויסצודערציילן = ניט מעגלעך אַלץ
איבערצוגעבן מחמת פֿאַראַן צו פֿיל (וואונדערלעכס
אָדער שרעקלעכס). ״עס איז ג 2.
אויסארנישט
אויסצודערציילן פֿון זײַן קמצנות״, פּרץ.
זאָגן סודות. *א, פֿון חדר = איבערגעבן
גענוי וואָס איז געשען אין אַ געשלאָסענעם קרײַז.
אויסדערציילן זיך — קזוו, טרוו. ← דפֿוו.
1. איינער דעם צווייטן אויסדערציילן. ״מיר

זײַנען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און
זיך אויסדערציילט מעשׂיות פֿון די יונגע יאָרן״, רייד. 2. דזוו אויסרעדן זיך (דאָס האַרץ).
„ער האָט זיך טאַקע דאָס מאָל אויסדערציילט פֿאַר איציקן״, בערג, אַרום וואָקזאַל.
אויסדערציילער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס דערציילט אויס. אַן א׳קע פֿון וואונדערלעכע מעשׂיות.
אויסדערציילערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסדערציילן. אַ הויכע, ממש אַ קינסטלערישע מדרגה פֿון א׳.
אויסדערצ עג — טרוו. ־צי אויס, ~דערצויגן. אויפֿהאָדעווען אַ צאָל. „זי האָט אויסדערצויגן אירע אייגענע קינדער און די יתומים פֿון איר פֿאַרשטאָרבענער שוועסטער״, רייד.
אויסדערצער(ע)נען, ~צאָר(ע)נען — טרוו. דערצערן (־צאָרן) אויס, ~דערצערנט, ־צאָרנט. אַרײַנברענגען אין שטאַרקן צאָרן איבער אַ צאָל (מעשׂים). „די רשעים האָבן אויסדערצערנט גאָט ב״ה מיט זייערע מעשׂים

תּעתּועים“.

אויסדערקאַז(ש)ען — טרוו. ־ז(ש)ע אויס, ~דערקאַז(ש)עט. סל. דזוו אויסדאָקאַזשען ←.

אויסדערקאָנטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~דערקאָנטשעט. אויך: ~דערקאָנצען. סל. אויספֿאַרענדיקן; צואַרבעטן דאָס לעצטע צו קאָנטשען (איין זאַך אָדער אַ צאָל זאַכן) ▯ בּלויז א, דעם מלבּוש און אויספּרעסן.

אויסדערקאָרן — אַדי. אַרכ. Mhd: erkorn.

אויסדערוויילט [אָפּטער עפּיטעט אין בּבא־בּוך צום וואָרט 'דעגן']. „ווי בּאלד דרוזייאנה דא נוך אים שיקט, דא קאַם דער דעגן אויש דר קורן“, דאָרטן, 107; „מיט דעם שווערט העט מן הור גישורן...אויז אלן שווערטן ווש עש אויז דר קורן“, דאָרטן, 167. „איז ווערלעך דער זאָג אַז מיר זענען פֿאַר דיר א'?“, סוצ, וואלדיקט. „גאָט, דער מיר אזו איין פֿרום ווייבּ בּישערט האָט, אויז דר קאָרן און, אויז דרווילט“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

אויסדערקונדיקן זיך — אוטוו. ־דיק זיך אויס, זיך ~דערקונדיקט. קריגן אַלע נייטיקע ידיעות וועגן עפּעס, עמעצן. אַליין זיך א, וועגן דער גאַנצער משפּחה.

אויסדערקלערן — טרוו. ־קלער אויס, ~

דערקלערט. אויפֿקלערן, דערקלערן גרינטלעך אַ
צאָל פּרטים. א, פֿונדאָסנײַ וואָס מע האָט ניט
ריכטיק פֿאַרשטאַנען.
אויסדערקענען — טרוו. ־קען אויס, ~
דערקענט. דערקענען אינגאַנצן אָדער אַ צאָל
(ענינים, מענטשן). א, די נײַע שכנים.
אויסדערקענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסקענען; גוט באַנעמען, פֿאַרשטיין דעם
מהות פֿאַרוואָס דערקענסטו זיך ניט אויס
. „ -
אויף אַזאַ פּאַרשוין?“.
אויסדערשטיקן — טרוו. ־שטיק אויס,
~דערשטיקט. 1. דערשטיקן אַ צאָל (
באַשעפֿענישן). „די קינדער גוואַלדעווען, איך וואָלט
זיי אויסדערשטיקט!“, רייד. 2. אונטערדריקן,
צורויבן פֿרײַהייט.
אויסדערשטעכן — טרוו. ־שטעך אויס,
~דערשטאָכן. אינגאַנצן אויסשטעכן;

דעראויסדראַטעווען

שטעכן אַ צאָל. „די קאָזאַקן וועלן אָנקומען
און אונדז א'!“.
אויסדערשיסן — טרוו. ־שיס אויס, ~

דערשאָסן. דערשיסן אַ צאָל (אַלע). „די ייִדן
האָבן געמוזט אויסגראָבן פֿאַר זיך אַ קבֿר,
דערנאָך האָבן די נאַציס זיי אַלע
אויסדערשאָסן“.
אויסדערשלאָגן — טרוו. ־שלאָג אויס, ~
דערשלאָגן. דערהרגענען אַ צאָל (אַלע). א, ווי
וואַנצן.
אויסדערשלאָגן זיך — אומוו. ← דפֿוו. מיט
מי גרייכן צו אַ ציל. זיך א, מיט מי און
מאַטערניש צו אַ שטיקל געשעפֿטל.
אויסדערשמעקן — טרוו. ־שמעק אויס,
~דערשמעקט. 1. אויסגעפֿינען דורך
אָנגעשטרענגטן ניצן דעם חוש־הריח, שמעק־חוש.
„הינט ווען א, וואו די גנבֿים האָבן זיך
באַהאַלטן“. 2. אויסגעפֿינען דורך כלערליי
מיטלען. „דעם מיליטערישן סוד וועט קיין שפּיאָן
ניט קענען א'“.
אויסדערשנאַפּן — טרוו. ־שנאַפּ אויס.
~דערשנאַפּט. אויסדערשמעקן. אויסדערטאַפּן.
א אַ סוד, די כוונות פֿון שׂונא.
,
אויסדערשרײַבן — טרוו. ־שרײַב אויס,
~דערשריבן. באַשרײַבן מיט אַלע פּרטים, ביזן
סוף, אַלץ; אויסשעפּן אַן ענין דורך בריוו,

שריפֿטלעכן באַריכט. „איך קען גאָרניט א,
וויפֿל מיר האָבן זיך אָנגעליטן“. „דערווײַל שיק
איך אַ גרוס, מאָרגן וועל איך א, אַלץ“.

אויסדערשרעקן — טרוו. ־שרעק אויס,
~דערשראָקן. דערשרעקן שטאַרק אָדער אַ צאָל
מאָל. א, די קינדער מיט שרעקלעכע מעשׂיות.

אויסדערשרעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זייער שטאַרק זיך דערשרעקן. זיך א, און ווערן
בלאַס.

אויסדסן — [...דאַפֿן] טרוו. דף אויס, ~
געדפֿט. (אײַנבינדערײַ) דורכקוקן דף נאָך דף
צו פֿאַרריכטן די צעריסענע זײַטן. „א,
פֿאַרנעמט מער צײַט ווי אײַנבינדן“.

אויסדראַבקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אויס,
זיך ~געדראַבקעט. 1. זיך אַרומטרייַבן (
געוויינטלעך וועגן אַ פֿרוי מיט מענער) אַ
לענגערע צײַט. „ווײ, וואו די רויטע צויג האָט זיך
שוין אויסגעדראַבקעט“. 2. אויפֿהערן
אויפֿפֿירן זיך ווי אַ צעלאָזענע פֿרוי. א, זיך און
ווערן אַ גבאיטע.

אויסדראַטוועז — טרוו. ־ווע אויס, ~
געדראַטוועט. (שוסטערײַ) דורכציִען, דורכנייען מיט

דראַטווע. אויסשטעכן לעכלעך אין דער
פּאָדעשווע און דערנאָך זי א'.
אויסדראָטן — טרוו. דראָט אויס, ~געדראָט.
1. אַרומוויקלען מיט דראָט; מאַכן עפּ◻ס פֿון
דראָט. א אַ צודעק פֿאַרן קעסטל וואו מע

האַלט די קליינע הינטעלעך. 2. באַפֿרײַען
פֿון דראָט. „מע דאַרף דעם פּאַק א, און די
סחורה אַרויסנעמען“.
אויסדראַטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געדראַטעוועט ◻1. < tratov◻a:◻. שטאַרק
פֿאַר.
שמירן פֿאַרבֿרודיקן (מיט די פֿיס). „מיט

אַזעלכע שטיוואַליעס וועלן זיי א, די גאַנצע
שטובֿ“. 2. צעטרעטן.

אויסדראָטעווען

אויסדראָטעווען —. טרוו. ־טעווע אויס, ~
געדראָטעוועט. דזוו אויסדראָטן ←.
אויסדראַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געדראַפּעט. 1. אויסקראַצן מיט נעגל,
אויסגראַבלען, אויסקאַלופּען. „פֿאַר אַזאַ זאַך איז ער

ווערט מען זאָל אים א, די אויגן‘‘; ,,איין מאָל
האָט ער פֿאַרגעסן מאָן אָנצושיטן, האָבן [די
שדים] אים אויסגעדראַפּעט די אויגן‘‘, ממוס,
שלמה. *א, די אויגן = אויך. פֿאָרוואַרפֿן אין
.
פּנים אַרײַן פֿאַרשעמען פֿאַר לײַט. *גרייט
,
אויסצודראַפּען די אויגן = זיך וואַרפֿן שלאָגן
אָדער אָנפֿאַלן מיט זידלערײַען בײַם
פֿאַרטיידיקן עמעצן, עפּעס. ,,זי האָט זי
פֿאַרגעטערט...אַפּגעבלאָזן איר דאָס אָרט און געווען
גרייט אויסצודראַפּען די אויגן יעדן איינעם
וואָס וואָלט...זאָגן אויף איר אַ קרום וואָרט,,,
סמב. 2. (שוסטערײַ) מיט אַ מעסער
אַרומשנײַדן האַלב צעפֿוילטע שטיקלעך לעדער פֿאַרן
לייגן אַ לאַטע.
אויסדראַקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געדראַקעט. אויסטענטלען; אומקלאָר, שלעכט
אָנשרײַבן. א, אַ פּאָר שורות וואָס מע קען זיי
ניט דורכלייענען.
אויסדראָש — דער, ־ן. 1. רעזולטאַט פֿון
אויסדרעשן; סכום קערנער נאָכן דרעשן.
2. אָפּפֿאַל בײַם דרעשן.
אויסדרויב(ע)ן — טרוו. דרויב(ע) אויס,

~געדרויבּ(ע)ט. אַרויסנעמען דרויבּ פֿון
עופֿות; אויסשנײַדן פֿון געקוילעטן עוף
העלדזל, פֿיסלעך, פּופּיקל, (פֿליגל) און
פֿאַרקויפֿן באַזונדער פֿון א, האָט די ייִדענע

,, באַ

קומען נאָר גראָשנס".
אויסדרומלען — טרוו. ־מל אויס, ~
געדרומלט. לר. 1. אויסקלאַפּן אויף אַ דרומל
(אויך סתּם אויף אַ בּלעך) אַ מעלאָדיע.
אויספּויקן. ,,דער יונג דרומלט אויס אַ מאַרש אויף
אַ בּלעך צום באַקן", רייד. 2. דערציילן
סודות, רכילותן.
אויסדרוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אַרויסווײַזן אויף אַ קערפּערלעכן אופֿן געפֿיל,
שטימונג, איבּערלעבּונג (דורך מינע פֿון פּנים,
זשעסט אאַ). יעדער פֿאָרעם פֿון קאָמוניקאַציע
צווישן מענטשן דורך קערפּערלעכע(ר)
באַוועגונג(ען). א, פֿון גוטסקייט פֿרײַנדלעכקייט,

,

ליבּשאַפֿט, כּעס, אומצופֿרידנקייט אאַזוו. ,,אַזוי
ווי דער אויסדרוק פֿון מיידלשע אויגן, וואָס
ווערט פּלוצלינג פֿריילעך און פּלוצלינג
פֿאַרצויגן", יהואָש, 'ווי ס'ווערן לידער פֿאַרפֿאַסט'.
,,ער האָט פֿאַרקנייטשט דעם שטערן, בּײַ אים

איז עס אַן א, פֿון פֿאַרטראַכטן זיך,,. בּרענגען
צום א, = אויסדריקן. זײַן פּנים איז פֿול מיט
א', אָן א'. ,,פֿונעם א, פֿון זײַן פּנים און די
אויגן איז געווען צו דערקענען אַז ער איז
שטאַרק צעקאָכט‘‘, ממוס, שלמה.

2. אַרויסזאָג; וואָרט, ווערטער־פֿאַרבּינדונג,
פֿראַזע. גוטער, שלעכטער אאַ א'. מע דאַרף
געפֿינען אַ בּעסערן א'. דאָס איז אַן אַנגליציזם, ניט
קיין עכט יִדישער א,. ,,דאָס דאַרף זײַן אַ
כּבֿוד־זאַך צו רעדן אונדזער שפּראַך — מיט
פּסוקים און מיט א'ן פֿון חומש און תּנך‘‘,
סעג, איצטער. א'־מיטל, א'(ס)־פֿעאיק,
א'(ס)־פֿעאיקייט. ‘‘...מיר זאָלן זיך

אינ216

טערעסירן שוין מער מיט זײַן קונסט צו
שרײַבּן, מיט זײַן א'ס־פֿעאיקייט, ווי מיט דעם
אינהאַלט‘‘, שנ II. קומען (בּרענגען) צום א,
=אַרויסזאָגן (זיו). אין פּשוטע אויסדרוקן
= אין פּשוטע, אַלגעמיין פֿאַרשטענדלעכע
ווערטער, אָן רעטאָריק און מליצה. פֿאַך־א, =
טערמין פֿון אַ בּאַשטימטן פֿאַך.

3. דיקציע, קלאָרקייט פֿון אַרויסרעדן;
אופֿן אַרויסבּרענגען וואָס ווײַזט אויף געפֿילן.
"פּאָעזיע דאַרף מען לייענען מיט א'".
4. סימבּאָל אָדער קאָמבּינאַציע סימבּאָלן
אין מאַטעמאַטיק. מאַטעמאַטישער א'.
אויסדרוקלאָז — אַדי. דטשמ. 1. וואָס האָט
ניט קיין קלאָרן, בּאַשטימטן אויסדרוק פֿון אַ
געפֿיל, איבּערלעבּונג; פֿלאַך, בּאַנאַל, אַן א,
פּנים. 2. וואָס מע קען ניט איבּערגעבּן אין
ווערטער אָדער ניט בּכּוח אויסצורעדן אַ וואַרט.
„איך בּין געווען אַזוי דערשיטערט אַז איך
בּין געבּליבּן א'".
אויסדרוקן — טרוו. דרוק אויס, ~געדרוקט.
1. אויסשרײַבּן אין געדרוקטע אותיות. א, די
נעמען פֿון די קינדער אויפֿן טאָוול. 2.
אָפּדרוקן אַ צאָל זאַכן. „פֿון געבּן צו דרוקן בּיז
א, איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג„. 3. אַרײַנדרוקן
מיט אַ שטעמפּל, שטאַמפּ; אויסקריצן
געדרוקטע אותיות. א, אויף דער מצבֿה. 4. אַרכ.
אויסקוועטשן, אויסדריקן פֿליסיקייט. „איז
איינר דר אויש דרוקט זויאר קרויט־קומפּט,
גיזאלצני אוגרקיז — זעלכי זאַכן איז מותּר„,
לט1, 2/75. ממד פֿאַרטײַטשט 'ואשׂחט אַתּם,
(בּראשית, מ, 11) „און, איך האָבּ אויז

געדרוקט,,.
אויסדרוק(ס)פֿול — אַדי. וואָס האָט אין זיך
בפֿירושן אויסדרוק פֿון אַ געפֿיל. א'ע אויגן.
אויסדרוקעכץ — דאָס, ־ן. 1. אַרכ. דאָס וואָס
ווערט אויסגעקוועטשט. ,,אַלע אומות עכּום...
זײַנן ניט גישפּײַזט גיוואָרין נײַארט פֿון...
דאָש איבּריגה פֿון ישׂראל, דאש ישׂראל
האָבּן זיא איבּר גילאָזין, דאש אויש דרוקעכטש",
נצ1, במדבר, לא/ד. 2. דאָס וואָס ווערט
אויסגעדרוקט (בײַטעם פֿון ביטול).
אויסדריבּלען — טרוו. ־בּל אויס, ~
געדריבּלט. פּפֿ: ~דריוולען. 1. צענעמען אַ
געוועבּ אויף באַזונדערע פֿעדעם. ,,אויבּ ער
דריוולט אויס אום שבּת די פֿעדעם פֿון
געוועבּטן...מיט דער מיינונג דעם מלבּוש בּעסער
צו מאַכן...איז ער חייבֿ", ישעיה סג"ל בּראַט,
טל השמים, לאָנדאָן תּרפּ"ט. 2. אָפּטראָגן אַ
מלבּוש (אָדער אַ טייל פֿון מלבּוש) ביז עס
הענגען אַראָפּ צויטן. א, די קאַפּאָטע. 3. עפּעס
קאַליע מאַכן דורך דריבּלען מיט די הענט.
,,לייג אַוועק דאָס בילד, דו וועסט אין מיטן
א אַ לאָך". 4. ביסלעכווײַז אויסשמעלצן,
,
לאָזן צעגיין. ,,נעם צו דאָס ליכט פֿון פֿענצטער,

דער ווינט וועט עס א,,,..
אויסדריבלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסרייַבן זיך דורך טראָגן. ״דער בגד האָט זיך שוין אויסגעדריבלט״.
אויסדריגען — ־גע אויס, ~געדריגעט.
אוטוו — דריגען מיט די פֿיס, ווילד ווערן און לויפֿן (וועגן פֿערד). ,,דאָס פֿערדל האָט פלוצעם אויסגעדריגעט און זיך געלאָזט אין

גאַאויסדרייען

לאָפּ״. טרוו — מיט אַ שטופּ מיטן פֿוס אַנידערוואַרפֿן, אויסגיסן. א, דאָס שעפֿל מילך.
אויסדריגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. שטופּן, קלאַפּן מיט די פֿיס און אויפֿהערן. ,,נו, גענוג! זיך אָנגעלאָפֿן, זיך אויסגעדריגעט; איצט זעצט זיך צו״.
אויסדריזגען טרוו. ־גע אויס, ~ געדריזגעט. פּפֿ: ~דראַזגען. צעבֿרעכן אויף פּיקפּיצלעך, צעהאַקן אויף שפּליטערס. ,,אַ גערעטעניש! האָט אויסגעדריזגעט אַלע גלעזער,,, רייך.
אויסדריטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געדריטלט. איַינטיילן אין דריַי טיילן. דעם

פּראָוויאַנט א, אויף דרײַ טעג.

אויסדריי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדרייען. 2. פּשטל בײַם לערנען. אַן א, מיטן גראָבן פֿינגער = ס'לייגט זיו

.

גאָרניט אויפֿן שׂכל. „בײַ ייִדן מיט גמרא־קעפּלעך איז דער עיקר...דאָס דרייעלע, דאָס פֿארדרייעלע און א'עלע", ממוס, אַסיפֿות'.

,

▯

3. אַרויסדריי, תּירוץ, אויסרייד, אופֿן פֿון אַרויסדרייען זיך. „איטלעכער גנבֿ האָט זיך זײַן אויסדריי", שוו.

אויסדרייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדרייען.

אויסדריי־מאַשין — די, ־ען. מאַשין אויסצודרייען וועש נאָכן וואַשן אָדער געפֿאַרבטע קליידער נאָכן רייניקן זיי מיט בענזין. „די א,־מ, אַרבעט זייער גיך„, ש. שפּיראָ, קליידערפֿארבערײַ, וואַרשע 1900.

אויסדרייען — טרוו. דריי אויס, ~געדרייט.

1. דורך דרייען אויסקוועטשן וואַסער,

פֿליסיקייט. א, די וועש און עס אויפֿהענגען. *א, דאָס וואַסער פֿון עמעצן = שטאַרק צודריקן, צוקוועטשן צו דער וואַנט. „בשעת ער איז געזונט, זאָל מען דענסמאָל לאָזן זשיפּען, אָטעמען, ניט אויסדרייען דאָס וואַסער„, ממוס, טאַקסע. „די מפֿרשים וואָס דרייען אויס דעם לעזער די וואַסער מיט די קלאָץ־קשיות„, דלוגאַטש, עולס־התּוהוניק.

2. אויסזידלען, אָפּשפּאָטן. *א, ווי אַ נאַסן האָן = אַזוי מוסרן אָדער זידלען, בײַ יענעם זאָל רינען שוויס. *מאַכן אויסצודרייען = אָפּלאַכן, מבֿטל זײַן, אויסשטעלן צו שאַנד און שפּאָט; אַרײַנבּרענגען אין גרויס פֿאַרלעגנהייט. „ער שפּעט אויס איטלעכן פֿון די בעליבתּים באַזונדער, מאַכט אַלע אויסצודרייען, דער אַזוינער, יענער אַזוינער, נישטאָ די מענטשן וואָס אַמאָל„, ממוס, פּישקע. „...האָט מען דאָר מסתּמא געמאַכט אים אויסצודרייען: ווי שווערט דאָס אַ ייִד אויף אַזאַ האַרטן ליגן", שע.

3. אומקערן אויף צוריק, אומדרייען, בײַטן די ריכטונג. א, דאָס פֿערדל, די האָלאָבליעס אאַ. א, דעם קאָפּ, דעם האַלדז. „איך טו אַ מאַך מיט דער האַנט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אין אַן אַנדער זײַט", ממוס, קליאַטשע. „הייס א,

די הוידלקע צוריק אין קעשענעווו“, לאַט, מישקע. „ער נעמט דעם רודער פֿעסט אין דער האַנט און וויל א, דאָס שיפֿל צוריק„„ פּרץ, 'נסים אויפֿן ים'. *א, דעם דישל = בײַטן מיינונג, שטעלונג. *א, אַ ליגן = א) בײַם כאַפּן אַ ליגן — זאָגן אַן אַנדער ליגן זיך

אויסדרייען

אַרויסצודרייען; ב) סתּם אויסטראַכטן אַ קונציקן ליגן. *א, דעם פּיסק = א) זיך אָפּקערן פֿון דעם וואָס וואַרט אויף אַן ענטפֿער; ב) עפֿענען דאָס מויל, אָנהייבן זידלען.

4. אויסלינקען, אויסוועכנען, אַרויסנעמען פֿון געלענק, אַ דריי טאָן אַ גליד. „איך וועל אים כאַפּן, וועל איך אים אויסדרייען (די הענט און פֿיס“. *א, אַן אויער = אָפּנאַרן. *א, די אויגן = אָפּקערן, אָפּווענדן די אויגן. *א, דעם האַלדז ווי אַ שלשלת = א) זיך אַוועקדרייען אינגאַנצן; ב) קרום ווערן.

5. מאַכן קרום, אויסקרימען. א, ס'קלעצל פֿון שוך. „דריי ניט אויס דעם צוואָק בײַם אַרײַנקלאַפּן אים אין וואַנט“. „...ווערט דאָס

בלאַט [פֿון טיש] אַזוי אויסגעדרייט אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך אויפֿן טיש עפּעס אַוועקצושטעלן", בער.

6. אויספּשטלען, אויסקלערן תּירוצים. „דער שאַרפֿער קאָפּ דרייט אויס אַזאַ פּשטל, אַזש די פֿינגער צו לעקן". „דרייען, א„ אַרײַנדרייען, פֿאַרדרייען און אָפּדרייען יענעם דעם קאָפּ — דאָס מהיכא־תּיתי,„ שע.

7. אויסלעשן דורך געבן אַ דריי. א, דעם לאָמפּ, דאָס עלעקטרישע ליכט.

8. אַרויסבאַפֿרײַען פֿון אַ שווערן מצבֿ, אויסקאָמבינירן צום גוטן פֿאַרשטייסטו שוין „ .

ווי אַזוי לוי־יצחק דרייט אויס אַ געשעפֿט„, שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע. "סטײַטש, אַ ייִד דרייט און קוים אויסגעדרייט, קומט מען צו גיין און מע מאַכט אים פֿאַר אויס דרייער„, שע, ,איבער אַ היטל'.

9. (שנײַדעריש). איבערדרייען אַ מלבוש אויף דער פֿאַרקערטער זײַט; אַנדערש איבערלייגן. „דער שטאָף איז נאָך גאַנץ, מע וועט דאָס מאַנטעלע א, און דאָס קינד וועט האָבן אַ נײַעם בגד„. 1O. איר. וועגן אויסאיידלען, פֿאַרבעסערן. „ער איז ניט קיין שלעכט

מענטשעלע — מע דאַרף אים בלויז אַ קאַפּעטשקע א'".

11. לאַנג ציִען אַ קלאַנג, אַ טאָן; אויסציקלען. א, אַן ונתנה־תּוקף. „האָט דער חזן אויסגעדרייט אַ 'המלך'!"... „קינד און קייט הערן ווי דער טאַטע פֿלעגט א אַ 'יום זה

ׂ

מכבד, אָדער אַ 'ברוך ה, יום־יום'", ייִפֿאָל, 1888, No 11—12, בײַלאַגע. *א, אַ פּזר (אַ שלשלת) = אויך: א) קונציק און לאַנג עפּעס אויסברײַען; ב) אָנדרייען אַן אויער, געבן אַ שטאַרקן קניפּ אע. *א אַ מי־שבּרך = אָפּזיד, לען אויף אַ געדריידלטן אופֿן, מיט שעלטן אין דער מאַמען אַרײַן.

12. אויסציקלען, אויסצאַצקען בײַם שרײַבן. א אַ למד, אַ לאַנגע פֿא. „אַבּי [דער לערער]

ׂ

קען א אַ שיינעם 'ב"ה, און פֿאַרצוקן אַ

ׂ

לכּבֿוד, — וואָס דאַרף מען מער?", ייִפֿאָל, 1884 ,No 17.

13. אַרויסדרייען. אַרכ. „איין בעכער דער דא גיגלידרט איז טאָר מן אם שבּת ניט איין

נאָך אויז דרעהן“, לט1.
14. אַרויסקריגן. „...געמיינט אַ ביסל נעמען פֿאַר מזומן, אַ ביסל אויף באָרג, אַ ביסל א, מיט אַלערליי מאַניפּאָרגעס„, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'.

217

אויסדרייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אומקערן זיך אויף צוריק, נעמען זיך אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. „ער גייט קיין דרום און דרייט זיך אויס קיין צפֿון, אַרום און אַרום גייט אויס דער ווינט“, מס, קהלת, א, 6.
2. אומדרייען זיך. א, זיך (מיטן פּנים) צו דער וואַנט, צום עולם. „די בני־בית מײַנע האַלטן אײַן זייערע וויטיקן...האָב איך זיו אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און געוויינט„, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „ער וואַרט מיט אײַזערנער געדולד ביז יחיאל זאָל זיך א, פֿון דער ספֿרים־פּאָליצע און ער זאָל אים אין פּנים אַרײַנקוקן“, אַש, תּהילים־ייִד. *א, זיך מיט דער פּלייצע צו... = אָפּקערן זיך, ניט לייגן קיין אַכט אויף עמעצן (עפּעס), אָפּזאָגן זיך פֿון עפּעס. *א, זיך (גלאַט) ווי אויף אַ טעלער =

א) קונציק, כיטרע זיך אַרויסדרייען פֿון אַ שווערער סיטואַציע; בּ) אינגאַנצן בּײַטן דאָס פֿריִער געזאָגטע. „בּין איך מיך מיישבֿ און דריי זיך אויס ווי אויף אַ טעלער און זאָג אויס דעם גאַנצן אמת“, שע. *א, זיך אויפֿן קאָריק = א) דזוו א, זיך ווי אויף אַ טעלער; בּ) סתּם דרייען זיך בּײַם קאָקעטירן.

3. אַראָפּגיין פֿון ריכטיקן וועג. „ס'פֿערדל האָט זיך אויסגעדרייט אין אַ זײַט, מיר האָבּן עס ניט בּאַמערקט און האָבּן פֿאַרבּלאָנדזשעט„.

4. זיך אויסלינקען, אויסוועכנען, קרום ווערן. „ס'האָט זיך מיר אויסגעדרייט אַ האַנט“. „זע, ווי די שיך האָבּן זיך אויסגעדרייט“. *א, זיך די וויאַזעס = זיך שטאַרק מאַטערן בּײַם צוטראַכטן עפּעס. קללות: דריי זיך אויס הענט און פֿיס; דײַן מויל זאָל זיך א'.

5. אַנטרונען ווערן, פּטור ווערן. א, זיך פֿון אַ סכּנה פֿון דעם שׂונא, פֿון זײַנע נעגל.

,

„איין ערליכער האָט זיך פֿונים שלומאזל אויס גדרייט, איז אהולטייא אויף זיין אורט גקומען„, מס, משלי, יא, 8. „מטופּלס מיט קינדער טוען אַלע מיטלען זיך אויסצודרייען פֿון פּריזיוו„, ממוס, פּריזיוו.

6. אויסוווּכן עמעצן (עפּעס),

אויסבאַהאַלטן זיך פֿון עמעצן (עפּעס). „ער וויל זיך פֿון מיר א', איך קאָן נאָך חלילה בלייַבן פֿון דרויסן. מע דאַרף אים ניט אָפּלאָזן“, ממוס, טאַקסע. זיך א, פֿון עמעצנס הענט. זיך א, פֿון אַ צרה, אָנשיקעניש אאַ. *זיך א, פֿון מלאךהמות(ס הענט) = געזונט ווערן, אַרויסקומען גאַנץ פֿון אַ גרויסער סכּנה.

7. זיך אַן עצה געבן, זיך באַפֿרייַען פֿון אַ שווערן מצבֿ. „נישקשה! אַז איך האָב געקענט מאַכן ביז אַהער אַזאַ רייַזע און בלייַבן גאַנץ מיט די ביינער, וועל איך מסתּמא ווייַטער זיך אויך א,“, ממום, קליאַטשע. „אין שטאָט איז מען שטאַרק נייַגעריק געווען...ער וועט זיך אַמאָל א,...צי ניין?“, בערג, נאָך אַלעמען.

8. אויסקומען מיט דער פּרנסה. „ באַשעפֿטיקט און פֿאַרדרייט זייַנען אַלע: מיט לייזן —.. ווען ס'לייזט זיך, און ווען ניט — מיט 'אויסדרייען זיך, און ווי אַזוי די קליינע אָדער גרויסע הוצאה אויסצושלאָגן,„ נס, משפּחה מאַשבער. *עפּעס וועט זיך א, דערפֿון = א) ס'וועט זייַן אַ ביסל רווח; ב) ס'וועט אַרויסקומען עפּעס גוטס. *א, זיך מיט דער הוצאה

אויסדרינגען

= דורכקומען, אויסקומען מיט דעם וואָס מע פּאַרדינט.

9. אומפּ. פּאַסירן; זיך טרעפֿן, אויסלאָזן זיך. „ס'האָט זיך אויסגעדרייט אַז איך בּין געווען פֿרײַ יענעם אָוונט“. „ס'האָט זיך אַזוי אויסגעדרייט אַז איך בּין געבּליבּן בּײַם געלט און ער מיט גאָרניט„.

אויסדרייעניש — דאָס (די), ־ן. אויסרייד, תּירוץ, מיטל זיך אויסצודרייען, אויסוועג.

אויסדרייער — דער, ־ס. ווג ־קע, ־ס. ווער עס דרייט (זיך) אויס. ער איז אַן א„ ער וועט שוין עפּעס צוקלערן.

אויסדרייערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדרייען (זיך).

אויסדרייעריש — אַדי. וואָס איז ווי בּײַ, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויסדרייער.

אויסדרייערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסדרייעריש. סאַראַ קונציקע אויסגעפֿינערישקייט, סאַראַ א'.

אויסדריכ(נ)ען זיך — אוט□ו. דריכ(נ)ע זיך אויס, זיך ~געדריכ(□)עט. אויסשלאָפֿן זיך

(אָפּלאַכעריש).

רילעווען. ־[פֿאַרענדיקן דרילן.

אויסדריל —. טרוו. דריל אויס, ~געדרילט.

י,.

אויסבֿויערן, מאַכן אַ לאָך מיט אַ דריל. *א,
אַן אויער = פֿאַרנודען מיט רייד. 2. (
פֿיגוראַטיוו) אויסשטעכן, דורכשטעכן. ,,אין יעדן
אויג וואָס איך האָבֿ אויסגעדרילט, האָבֿ איך
געזען בטחון...,,, הר, פֿאַרנאַכט. 3.
דורכעקבֿערן מיט אַ דריל (קרעלן) אויף אַ דריירעדל
אָדער דרייבֿאַנק [למשל, בײַ דער פּראָדוקציע
פֿון בורשטין]. 4. אויסרייניקן מיט אַן
אינסטרומענט. ,,...לויפֿט ער אַרײַן אין אַ שפּיטאָל
און לאָזט זיך אויסדרילעווען אַן אויער" [=
אויסרייניקן דעם וואַקס], נאַד.

אויסדרימבֿל(י)ען — טרוו. ־בֿל(יע) אויס,
~געדרימבֿל(יע)ט. אויסרימפּלען; דורכשפּילן
אויף אַן אינסטרומענט אומגעניט פֿאַלש. א אַ

, ,

פֿאָלקסלידל אויף אַ בֿאַלאַלײַקע.

אויסדרימלען, ~דרעמלען — ־מל אויס,

~געדרימלט, ־דרעמלט. אוטוו, ז י ך —
אויסשלאָפֿן זיך אַ ביסל, אײַנשלאָפֿן אַ געוויסע צײַט
און אויפֿכאַפּן זיך. „ד אַלטינקע האָט זיך
י
אויסגעדרימלט און זי נעמט זיך ווידער צום
שטריקן„. טרוו — אויסחלומען, אומקלאָר
דערמאָנען. א, מעשׂיות פֿון אַמאָל.
אויסדרינגעכץ — דאָס, ־ן (־ער). פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסדרינגען (אויך איר,
פּעיאָ). „ווי איז מען טאַקע אַזוינע פֿאַרשטאָפּטע
קעפּ, מע זאָל ניט פֿאַרשטיין אונטערצוכאַפּן
דאָס פּשוטע א, פֿון זײַן גראָבן פֿינגער“, ייִל,
ניט טויט ניט לעבעדיק.
אויסדרינגען — טרוו. דרינג אויס, ~
געדרונגען, אויך: ~געדרינגט, פּר. 1. מאַכן
לאָגישן אויספֿיר, דעדוקציע, ציִען קאָנסעקווענץ.
„נאָך אַ ייִדענע דרינגט איר אויס פֿונעם שׂכל
אַז אַ קליין ייִנגל, מעג זיך כאָטש זײַן אַ
באַלעבעסל, קען גאָרניט קינדלען„, ממוס,
ווינטשפּ. א, פֿון דער טעאָרעמע. 2. קומען
צו אַן אויספֿיר אויפֿן סמך פֿון אַ פּסוק, אַ
מימרא. „ווילסטו איר גאָר באַווײַזן אַ 'היי,
אין סידור און אָלץ א', ווי גוט און שיין עס

איז זיך אויסצולערנען עפּעס קונצן'', ממוס, קליאָטשע. ''עס איז אַ זיווג מן השמים, האָט ר, זלמן אים אויסגעדרונגען פֿון אַ סך ערטער פֿון דער תּורה'', ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע 3. אויסדרייען, אויסקוועטשן וואַסער. א, וועש. [אין לד ניטאָ]. ,,איין טייל נעמען איין נאַס טוך אונ, וועשן דיא הענד מיט, אָבּר עש איז צו בּיזורגין...דש מן דאש טוך ◻.ט אויש דרינגן זאַל,,, ספֿר המנהגים, אמשט 1723, מבֿ/א. ,,...האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון זיך די הויזן, זיי אויסגעדרונגען,,, אָפּאָ, 'פֿײַערדיקע צלמים'.

אויסדרינגעניש — דאָס (די), ־ן. 1. אויספּיר, אַרויסדרינג. רעזולטאַט פֿון אויסדרינגען. ,,עס בּליצט מיט פֿײַערדיקע שפּיצלעך, פֿינגער גראָבּע און הענט אַרבּעטן מיט אַ דריי בּײַ איטלעכן רעכטן קוועטש, בּײַ יעדן שׂכלדיקן א,,,, ממוס, שלמה. 2. איר. וועגן אַן אויספּיר וואָס איז ניט לאָגיש. אויך מיר אַן א,.

אויסדרינדזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~ געדרינדזשעט. אוקר. 1. אויסדרימבּלען; אויסקלאַפּן עפּעס אומהאַרמאָניש; אויסרימפּלען.

„האָט ער אויפֿן קלאַוויר אויסגעדרינדזשעט
עפּעס פֿריילעכס“, בערג. 2. אויסקוועטשן,
אויסדרייען, אויסדרינגען וועש.
אויסדריסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געדריסקעט. אויך מיט ז י ך. 1. דזוו
אויסדאָסן ←. 2. אויסצאָלן אַ חובֿ אין גאָר
קליינע ראַטעס. ליַיען אַ 25ער און א, (אין)
גריוונעס.
אויסדריפּען טרוו. ־פּע אויס, ~געדריפּעט.
1. אָנפּאַסקודיען, פֿאַרחזירן, ברודיק מאַכן.
א, די קליידער, די חדרים. 2. דזוו
אויסדריסקען ←.
אויסדריפּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו
אויסדאָסן זיך. אינגאַנצן מבֿטל זיַין עמעצן.
וואול. “ווייס איך וואָס ער רעדט דאָרט. דריפּע
זיך אויס אויף אים“. קוים זיך אויסקליַיבן.
אויסדריק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויסדריקן.
אויסדריקל — דאָס, ־עך [געווייַנטלעך מצ].
(בתּים־מאַכעריַי) נאָס בלעטל פּאַרמעט וואָס
ווערט אַרויפֿגעלייגט אויף די שינען.
אויסדריקלעך — אַדי, אַדוו. [אַדוו טרעפֿט זיך
אַ סך אָפֿטער ווי אַדי]. 1. בפֿירוש, קלאָר,
באַשטימט, איינטיַיטשיק. זאָגן א,. „איך האָבּ

ליבּ די אַלטע היים און איך זאָג עס אײַך א',
אַז געפֿילט האָבּ איך זיך גליקלעך בײַ די
פֿריזבּעלעך פֿון ליים“, אר, 'די היים'. „ווייס ער
אָבּער שוין א אַז אים האָט אויף זײַן גאַנץ
,
לעבּן דאָס גליק אַ משכּון געגעבּן...“, עט,
לידער. “איך קען עס אײַך א, אַפֿילו מיט אַ
נאָמען אויך אָנרופֿן“, ווײַס, 'איינער אַ מענטש,.
א'ע רייד; א'ער חובֿ. א'ער פּסוק. 2. מיט
אַ סך אויסדרוק, מיט געפֿיל פֿטמ. „דער
רעד.
נער האָט גערעדט א, און דער עולם האָט אים
געפּאַטשט“, רייד.
אויסדריקן — טרוו. דריק אויס, ~געדריקט.
1. דריקן בּיזן פֿאַרענדיקן; אויסקוועטשן
פֿליסיקייט דורך פּרעסן. א, וואַסער פֿון אַ שוואָם.
א, מאַראַנצן (אַנדערע פֿרוכטן אָדער גרינסן)
צו מאַכן זאַפֿט. א, בּוימל. א, ווי אַ ציטרין. א,

ווײַן אין קעלטער. א, דעם האָניק פֿון סטעלניק.
„אַך ווען זײַנע קליידער זיין נאַס געווארדן...
אַפֿילו אין הויז טאָר ער זיא ניט טראָגן אין

זיינר האַנט, אודר אויף זיין אקסיל, דען איך האב זאָרג ער ווערט זיא אויש דריקן,,, לט 1, 2/67. ,,אַז מע דריקט אויס פֿון די נשמות דעם ברוד...הערט מען דאָס געוויין פֿון די נשמות מסוף העולם ועד סופֿו,,, פּרץ.

2. אַרויסקריגן עפּעס דורך צודריקן, אויספּרעסן; אַרויסדריקן. ,,מע האָט אויסגעוויקט דעם אמת נאָך אַ לאַנגן אויספּרעגן". ,,ראָש הקהל האָט געמוזט זײַן דער וואָס האָט געקענט...א, און אויספּאָמפּען דעם שטײַער,,, פּרץ.

3. אַרײַנדריקן, אַרײַנפּרעסן (מיט אַ שטאָמפּ). א, אותיות, צייכנס. ,,ער האָט אויסגעדריקט אַ פֿיגור אויפֿן דיקן פּאַפּיר,,.

4. לאָזן וויסן, קאָמוניקירן; אַרויסברענגען דורך רעדן אָדער שרײַבן. א, אַ מיינונג, א, אַ געדאַנק, אַ שטאַנדפּונקט, פּראָטעסט. ,,מע דאַרף עס אויסדריקן אין פּשוטערע ווערטער, אַלע זאָלן עס פֿאַרשטיין,,. א אַ פֿראַגע, אַ ספֿק.

,

5. אַרויסווײַזן געפֿיל, שטימונג, איבערלעבונג. ,,געגעבן אַ קוק אויף מיר מיט אַ פּאָר אויגן וועלכע דריקן אויס לײַדן, מידקייט אינאיינעם מיט געבעט", ממוס, קליאַטשע. ,,צו פֿאַרשטיין וואָס אין דעם ניגון ליגט און וואָס

ער דריקט אויס“, ממוס, שירה. א,
באַגײַסטערונג, אויפֿרעגונג אאַ.
6. אָפּשפּיגלען. אויסדריקן דעם גײַסט פֿון
פֿאָלק, די שטימונגען פֿון דער צײַט. „ציון
דריקט ניט אויס דײַטלעך וואָס מע וויל, עס
האָט אַ סך פּירושים“. „אַזעלכע געזעצן...
דריקן אויס דאָס לעבן אי דעם גוסט פֿונעם
פֿאָלק“, ממוס, ספֿר הבהמות.
7. מאַט. פֿון איין סיסטעם צייכנס אָדער
סימבאָלן אַריבערפֿירן אין אַן אַנדער סיסטעם.
א, איין אומבאַקאַנטע דורך אַ צווייטער. א,
סינוסן אין קאָסינוסן אאַזוו.
אויסדריקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קומען
צו אַ דרויסנדיקן אַרויסווײַז דורך וואָרט, מימיק,
מוזיק אָדער אויף אַן אַנדער סימבאָלישן אופֿן.
א, זיך וועגן עמעצן גוט, שלעכט, מיט
דרךארץ, ביטול אאַ. דאָס געפֿיל דריקט זיך אויס
אין אַ שמייכל, גרימאַסע אאזוו. „וויפֿל יסורים,
צרות און פּורעניות, וויפֿל האַרץ, געפֿיל און
געבעט האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיקן
בליק“, ממוס, שלמה. „און דאָס לשון פֿונעם
האַרץ דעם שווערן דריקט אין קנייטשן זיך
אויס אויפֿן שטערן“, ממןס, יודל. „ער איז
געווען געכאַפּט אין דער מעשׂה, ווי מע פֿלעגט

זיך אַמאָל אויסדריקן, מע האָט אים געהאַלטן
פֿאַר אַן אַפּיקורס“, יק. „...צו כּשרן דאָס
געפֿיל אין אים וואָס האָט זיך אויסגעדריקט בּײַ
אים אין דעם בּאַגריף רחמנות„, אַש,
תּהילימו□ד.

אויסדריקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
רעזולטאַט פֿון אויסדריקן (זיך), (מיט בּיטול). „אָן
א, ווי אָננעמען בּײַם רעכטן אויער מיט דער
לינקער האַנט„, רייד.

אויסדריקער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט
זיך מיט אויסדריקן.

אויסדריש — אַדי. אונגערישע ריידענישן

אויסהאָבּן

← אויסטריש. דזוו אויסטערליש. [מיט
לאַטײַנישע אותיות ציטירט פֿון u□][)er]ohrmark][
□ ... A, ווין, 1871 — אין ייִפֿיל, ז, 49. מוו].

אויסדרעכען זיך — דזוו אויסדריכ(נ)ען זיך ←.

אויסדרעל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אויס,
~געדרעל(י)עוועט. 1. אַרויסנעמען קערלעך
פֿון פֿרוכט. א, ווײַנשל, קאַרשן אאַ. 2. דזוו
אויסדרילן. דרילן אַ לענגערע צײַט און

פֿאַרענדיקן.
אויסדרעמלען — טרוו. ־מל אויס, ~
גערדרעמלט. לר. ← אויסדרימלען.
אויסדרענגען — טרוו. דרענג אויס, ~
געדרענגט. פּד. 1. דזוו אויסדרינגען בּ3. א,
וועש. 2. אַרויסשטופּן, אַרויסשטויסן, ענג
מאַכן. א, פֿון דער חבֿרה.
אויסדרעסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
דרעסירט. אויסלערנען בּאַשעפֿענישן (
געווײנטלעך וועגן הינט, חיות, אויך וועגן מענטשן)
באשטימטע פֿירונגען, קונצן, שטיק. א אַ הונט
,

-

צו געבּן די לאַפּקע. „מע קאָן אויסמושטירן,
א, פּשוטע מענטשן פֿון גאַס, אַז זיי זאָלן זיך
בּאַוועגן לאָגיש אויף דער סצענע“, מוק,
טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. „דער גיהנום־ייִד —
ער רעדט נישט הויך, ווי אויסדרעסירט פֿון
וועמען“, סעג, איצטעך.
אויסדרעסן — טרוו. דרעס אויס, ~גערדרעסט.
אַמ. אָפּט מיט ז י ך. אויסקליידן. „איך האָבּ
אויסגעדרעסט מײַן ווײַבּל אין עסיק און אין

האָניק,,. > אויסקליידן, וואו ,דרעסן, ress to
שטויסט אַרויס 'קליידן'.
אויסדרעקסלען — טרוו. ־סל אויס, ~
געדרעקסלט. לר. 1. אויסטאָקן. 2. אָנשאַרפֿן.
3. אויספּוצן.
אויסדרעשן — טרוו. דרעש אויס, ~געדראָשן
(אויך ~געדרעשט, פּר). 1. אויסקלאַפּן,
אויסשלאָגן קערנער פֿון זאַנגען. אויסמ(אָ)לויצען.
,,ער האָט די תּבֿואה געלאָזט א, דורך זײַן
קנעכט,,, שהמ, יא/בֿ. *א, די קישקעס =
שטאַרק צעשלאָגן, וואויל צעממיתן. 2.
אַרומרעדן, פֿירן וויכּוחים אַרום אַן ענין. א, אַ
פֿראַגע, אַ פּראָבלעם.
אויסדרש(ע)נען — [...דאַ'רשענען] דרשן,
דרשע אויס; ~געדרשנט (~דרשעט). 1.
אויסטײַטשן דורך דרש; אויספּשטלען. ,,מע
קען דעם אייגענעם פּסוק א, אויך אויף
אַן אַנדער שטייגער“. 2 פֿאַרענדיקן
דרשע.
נען; אַרויסבּרענגען אַלע, אַ צאָל (דרשות,
דרושים, דכשן). ,,דער 'עין־יעקבֿ, דרשנט עס
אויס אויף דרײַ אופֿנים,,. 3. מיט אַ סך רייד
אַרויסבּרענגען טענות. ,,וואָס ער האָט אַלץ
אויסגעדרשנט, ער דערמאָנט מעשׂיות און עוולות

פֿון יאָרן צוריק“.
אויסדרש(ע)נען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. דרשענען אַזוי לאַנג ביז ס'איז ניטאָ מער וואָס צו זאָגן. ניט קענען מער דרשענען. „דער אַלטער מגיד האָט זיך שוין אויסגעדרשנט“.
2. איר וועגן אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן, וועגן לאַנג רעדן. „גענוג, האָסט זיך שוין אויסגעדרשנט“.
אויסהאָבן — אַקוזוו. אצ, אימפּ נבּ, נאָר אַרכ. ~געהאַט. פֿאַרבליבן אין לד. 1. האָבן

אויסהאַבעווען

אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן. א, אין לעבן אַ סך טײַערע זאַכן. א, צען קינדער.
2. אויפֿהערן צו האָבן. „דעם מין סחורה האָבן מיר שוין אויסגעהאַט. אויב איר באַשטעלט, וועלן מיר זי אויסשרײַבן„, רייד.
3 פֿאַרענדיקן; אויסגיין (שמונה־עשׂרה),
.
דורכנעמען (בײַם לערנען). „...ביז אַלי אויש האָבין מתפלל גיוועזין“, נצ1, ז/ב. “...האָט זיך ניט דאַרפֿן אויפֿריכטן ביז ער גאַנץ שמונהעשׂרה אויסגעהאַט“, צור, הפֿטורת יתרו. „זײַן

אינגעלע שואלקע האָט אויסגעהאַט מיט זײַן רבּין גאַנץ תּורה“, אמד. „איר מאַן האָט צום נײַנטן מאָל ש“ס אויסגעהאַט“, אמד. „אונ, דא זי נון דש ליד הט אויש בּבֿא לג אַן איינם וענשטר דר נעבֿן“, בּבֿא־בּוך, 620.

4. אַרויסשטויסן; מאַכן עמעצער זאָל ניט זײַן אין אַ בּאַשטימטן קרײַז. “מע מוז אים א', ער ווערט דאָ אַ צו גרויסער תּקיף“. „דער זכריה אָבער האָט געוואָלט דעם יאָזעפֿן א, אינגאַנצן“, אמד. „דער ייִד זאָל דעם צווייטן בּאַגראָבן זעט מען מעשׂים בּכל־יום, מע זוכט נאָר דעם חבֿר א'“, אלצ. „זיי מיינען מיך אויסצוהאָבן מיט שטײַערן און קאָאָפּעראַטיוון — וועל איך...זיך ניט לאָזן“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט.

5. אינגאַנצן פֿאַרשטויסן; גובֿר זײַן; אומבּרענגען. „ער שרײַט אויף אַלע דעכער אַז ער וועט ליטוואַקן א„„ א. ליטוואַק. „אויף אויסהאָבן ייִדיש האָט מען געמוזט פֿירן אַ לאַנגן קאַמף“, מוו. „ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מע וויל אונדז אויסהאָבן, לאָזן מיר ניט אַראָפּ די הענט“, אָנאָס טורקאָוו פֿאַרלאָשענע שטערן.

,

6. מאַכן עס זאָל אינגאַנצן ניט זײַן,

אויסוואָרצלען. א, די וואַנצן. אָננעמען מיטלען אויסצוהאָבן כאָ רע.

7. ארכ. ניט טראָגן מער, אויסטאָן [היפּך פֿון אָנהאָבן = טראָגן אויף זיך]. „עש מוז איין (כּישוף) אין דעם ראָק שטעקין, דען אזוא בלד איך דען ראָק אויז האָב, האָב איך...“, ספֿר מעה נסים, תּ״ח.

8. אַרכ. אַרויסנעמען, אַוועקנעמען. מלל פֿאַרטײַטשט 'רדה הדבֿש, (שופֿטים, יד, 9) „גענומין אַדר אויש געהאבין“ [תּי: אַרויסגעשאַרט].

אויסהאַבעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געהאַבעוועט. זן. < האָבן + עווע (לויטן משקל ראַבעווען). אַרויסקריגן רווח, געלט פֿאַרמעגן, נאָך באַמיאונגען. „ער האָט אויסגעהאַבעוועט די ירושה פֿון דעם עלטערפֿעטער“.

אויסהאָגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהאָגלען. „אַזאַ א, פֿון קללות קען מען אַפֿילו אויפֿן פּישמאָרק ניט הערן“.

אויסהאָגלען — ־גל אויס, ~געהאָגלט. אוטוו — האָגלען; אויפֿהערן האָגלען. ס'האָט אויסגעהאָגלט ממש מיט שטיינער. טרוו — באַשיטן, פֿאַרוואַרפֿן ווי מיט האָגל. א, וויסטע

קללות איף זײַן קאָפּ.
אויסהאָדעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געהאָדעוועט. 1. העלפֿן אַ בעל־חי זיך
אַנטוויקלען מיט פֿאַרזאָרגן נייטיקע באַדערפֿענישן
און השגחה; אויסכאָוועץ. א, אַן אָגער, אַ
אַלעווקע אאזוו. „האָסט אויסגעהאָדעוועט אַ
י

21

שלאַנג אין דײַן שויס„, שע. 2. פֿאַרפֿלאַנצן,
באַוואַסערן און אָפּהיטן געוויקסן. א, די בעסטע
אוגערקעס אין אונדזער קאַנט. „כּדי אַ מענטש
זאָל קאָנען א, בײַ זיך אָט די יונגע בלומען,
מוז מען באַזיצן אַ קינדערשע נשמה“,
בעלמחשבֿות 3 .II. דערציִען, מחנך זײַן. „געזונט
און כּוח קומט מיר צו אַז איך דערלעב נאָך צו
זען ווי מײַנע ליבינקע, וואָס איך האָב אויף
מײַנע הענט אויסגעהאָדעוועט, זענען אַזוי
גערעאָטן“, יד, אבן נגף. „קינדער האָט הינדע מגדל
געווען מיט פֿיל מי, מיט צער און — קוים
אויסגעהאָדעוועט, נעמט מען זיי בײַ איר
אַוועק“, ממוס, קל אַטשע. 4. אַרויסברענגען

פּראָדוקטן פֿון אַרבעט. „יענע פֿלעגן זיך גאָרניט פֿאַרגינען אַפֿילו דאָס וואָס זיי האָבן אַליין אַרויסגעבראַכט, אויסגעהאָדעוועט מיט זייער פּראַצע“, ממוס, קליאַטשע. 5. מאַכן פֿעט, קאָנטיק, בולט. „זי האָט אים געשטאָפּט ווי אַ גאַנדז און אויסגעהאָדעוועט אים אַ בײַכל“, רייד. א אַ זיבנגאָרנדיקן גוידער.

,

אויסהאָדעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אויספּאַשען; ווערן פֿעט, דיק. זיך א, נאָך דער קרענק.

אויסהאַדען, ~האַדזיען, ~האַדזשען — טרוו. האַד(זי)ע, האַדזשע אויס, ~ געהאַד(זי)עט, ~געהאַדזשעט. מאַכן עקלדיק, אָפּשטויסיק, זייער פּריקרע. א, דעם גאַניק מיט מיסט.

אויסהאַדען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך עקלען און אויפֿהערן. זיך א, און זיך צוגעוואוינען צו קלײַבן אָפּפֿאַל. 2. אויסגרעפּסן זיך.

אויסהאָדערן — טרוו. ־ער אויס, ~געהאָדערט. שטאַרק צערײַסן (בגדים); מאַכן שמאַטעס פֿון קליידער. א, אַ מלבוש אין עטלעכע טעג.

אויסהאַווירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסהאַווירן. „די א, פֿון אַן אַדלמאַן איז ניט ווי די א, פֿון אַ חניפֿותניק“.
אויסהאַווירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) האַווירט. פֿטמ, לר. אינגאַנצן צופֿרידנשטעלן; באַפֿרידיקן, שטעלן צופֿרידן אַ צאָל.
אויסהאַווען — טרוו. ־ווע אויס, ~געהאַוועט. דערגרייכן עפּעס דורך האַווען, שמײַען. א, אַ שטיקל פֿאַרדינסטל.
אויסהאַווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך באַרואיקן, ניט אַרומלויפֿן מער. זיך א, און זיך צוזעצן. 2. האַווען ביזן אויסשעפּן זיך. א, זיך און בלײַבן אָן כּוחות.
אויסהאָווערן — טרוו. ־ווער אויס, ~ געהאָווערט. אוקר. דזוו אויסהויען ←. „זי האָט אויסגעהאָווערט אירע זיבן זײַלער“ [איבז פֿון 'חצבֿה עמודיה שבֿעה', משלי ט, 1], חה, 124.
אויסהאַווקען — ־קע אויס, ~געהאַווקעט. אוטוו — אַ ביל טאָן, אַ האַווקע טאָן (וועגן אַ הונט אָדער וועגן אַרויסברענגען קלאַנגען, ענלעכע צו האַוו־האַוו). טרוו — 1. אויסדריקן ווייטיק, כּעס (אַנדערע געפֿילן) דורך קלאַנגען, ענלעכע צום האַווקען. א, דעם ווייטיק. 2. אַרויסריידן אויף אַן אופֿן וואָס איז ענלעך צו האַווקען. „דער דײַטשער סאָלדאַט

האָט זײַן דײַטש עפּעס ווי אויסגעבילט,
אויסגעהאַווקעט,,, צײַט, טמז, 3 .23 59 I.

דעראויסהאַלטונג

גרייכן עפּעס דורך האַווקען. ,,אַז ס'איז יאָ
אַזוי — מאַכט ראַבּטשיק — וועל איך גיין צו
די קצבֿים; אפֿשר וועל איך מיר א, אַ קצבֿ'',
שע, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער.
אויסהאַווקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. האַווקען און אויפֿהערן. ,,ראַבּטשיק האָט
זיך אויסגעהאַווקעט און אַדועק מיט אַן
אונטערגעהאַקט פּיסל''. 2. אויסשרײַען זיך.
ריידן אַזוי ווי האַווקען. ,,אָט אַזוי האָט זיך
אויסגעהאַווקעט קאָפּל דער אַדוואָקאַט'', שע,
'שמואל שמעלקעס'.
אויסהאַטען, ~האָטען — טרוו. ־טע אויס,
~געהאַטעט (~ געהאָטעט). וורר. אויסלייגן
אַ וועג דורך אַ בלאָטע (מיט בּרעטער,
קלעצער).
אויסהאָטשקען (זיך) — ־קע (זיך) אויס,
(זיך) ~געהאָטשקעט. דזוו אויסהאָצקען (זיך) ←.
אויסהאָלאָסען — טרוו. ־סע אויס, ~

געהאָלאָסעט. אויך מיט ז י ך. וורר. אויסקלאָגן הויך אויף אַ קול; אויסשרײַען. „די גויע האָלאָסעט אויס איר בּראָך“ (געווײנטלעך וועגן ניטײִדן).

אויסהאַלבּירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהאַלבּירן. (אום)יושרדיקע א'.

אויסהאַלבּירן — סרוו. ־יר אויס, ~(גע)־האַלבּירט. צעטיילן אויף צוויי העלפֿטן. א, דעם גאַנצן פֿאַרמעגן און זיך צעטיילן מיטן בּרודער. א, אַ בּרעט.

אויסהאַלדזן — טרוו. האַלדז אויס, ~געהאַלדזט. פֿאַלן אויפֿן האַלדז, אויסקושן; האַלדזן אַ צאָל. „און אויסקושן און א, זיי און בּאַגיסן זיי מיט טרערן„, ווײַט, 'דער אָרעמער יונג,.

אויסהאַלדזן זיך — קזוו. ← דפֿוו. האַלדזן, קושן איינער דעם צווייטן. זיך א, בּיז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

אויסהאָלדעדן — ־דער אויס, ~געהאָלדערט. אוטוו אַרויסבּרענגען קלאַנגען פֿון (ווי) אַן ----

אינדיק. טרוו — עפּעס אַרויסזאָגן מיט גאווה. א, ווי אַ גבּאי ראשון.

אויסהאָלדערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

האָלדערן און אויפֿהערן; זיך געַנוג אָנהאָלדערן.

אויסהאַלט — דער, ־ן. 1. דורכקומעניש, מיטל צום לעבן, אויפֿהאַלט. פֿאַרדינען אויף דעם באַשיידענעם א'. קוים האָבן אויף א'.
פֿאַרדינט קוים אויף אקר א, פֿון געבן
או,, —
ראָקן‟, בערג, ביַים דניעפּער 2 .II.
אויסדויער; כוח אויסצוהאַלטן. ,,ער איז אַ שוואַך מענטשעלע, דאָך האָט ער אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן א',,, רייד. 3. פּאַוזע (אין מוזיק). אַ לענגערער א'.

אויסהאַלטבאַר — אַדי. דטשמ. דזוו אויסהאַלטעוודיק ←.

אויסהאַלטבאַרקייט — די (דאָס). מצ נב. דטשמ. דזוו אויסהאַלטעוודיקייט ←. ,,דער דעמב שטיַיגט איבער בנוגע צו האַרטקייט, פֿעסטקייט און א,...אַלע אַנדערע ביימער‟, ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמייל, געוויקסן.

אויסהאַלטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהאַלטן, איבערטראָגן וואָס איז שווער, אומבאַקוועם. 2. לעבנסמיטל. ,,ער פֿאַרזאָרגט זי מיט ליַיטישער א,‟; ,,איר

וועט האָבּן צושטײַער אויף אײַער זונס א'“,
חג, שולהויף. 3. דזוו אויסהאַלט ←.
אויסהאַלטן —. טרוו. האַלט אויס, ~געהאַלטן.
1. האַלטן אַ לענגערע צײַט, בּיז אַ
בּאַשטימטער צײַט, האָבּן אין בּאַזיץ. „...העבּין ממש
קצת מהם אירי הויז האַלטונג גאַר אויז
גיהאלטין, נון איך האָבּ זולכיש ניט טון קענין“,
גה, 300. “מע דאַרף קענען א, דאָס בּיסעלע
מינץ“, רייד. א, סחורה בּיז עס וועט טײַערער
ווערן. 2. פֿאַרטראָגן דעם כּוח פֿון אַ משׂא. „די
גרויסע וואָג קען עס א'“. „און זייער גרינג,
רויכיק מעבּל האָט נישט געקאָנט א, אויף זיך
דעם שווערן קערפּער“, שע, סענדער בּלאָנק.
3. האָבּן כּוח איבּערצוטראָגן (צרה,
קראַנקייט, אָנשיקעניש, אומגליק אע). „אונ, אליש
וואַש אונש אין דיזר וועלט קונטרארי גיט...
אַך מיט גידולט אויז צו האלטין„, גה, 127.
„מע זאָל טאַקע זײַן אויס אײַזן, האָט מען עס
אויך נישט געקענט א'“, עט, מערקעלע. „
דעריבּער האָט [ז״] ניט געקענט מער א, און איז
קראַנק, צעבּראָכן...געקומען צוריק אַהיים“,
ממוס, ווינטשפּ. “דאָס קינד האָט אויסגעהאַלטן
אַ טיפֿוס און איז אַרויס פֿון שפּיטאָל„, פּרץ,

אַ גלגול פֿון אַ ניגון'. „זאָל מען נאָר לאָזן

,

לעבֿן, וועלן מיר ווי עס איז א'!“, פֿוול, אין
געטאָס פֿון נאַצי־צײַט. *מע דאַרף האָבֿן (אַ
האַרץ פֿון אײַזן, אַן אײַזערן, אַ גויאיש, ניט
קיין ייִדיש האַרץ, אַ האַרץ פֿון אַ גזלן, פֿון אַ
קאָזאַק אע) דאָס אויסצוהאַלטן. *מע דאַרף
האָבֿן (אַן אײַזערנעם כּוח, אײַזערנע, גויאישע,
ניט־ייִדישע כּוחות, ניט קיין ייִדישן כּוח,
אַמאָליקע, פֿאַרצײַטיקע(־טישע) כּוחות אע) דאָס
אויסצוהאַלטן. *ס'איז ניט אויסצוהאַלטן פֿון
אים (איר, זיי אאַזוו) = די צרות פֿון אים (איר
אאַזוו) קען מען ניט איבֿערטראָגן. *ס'איז ניט
אויסצוהאַלטן = אויסרוף אין שווערן
געמיטצושטאַנד איבֿער צרות, נסיונות, גלוסטענישן
אאַזוו. „איך חלש, האַלט עס ניט אויס, אוי,
געבֿראָטנס!„, ממוס, ספֿר הבהמות. *א, די
צײַט = איבֿערוואַרטן די שלעכטע צײַט. „ער
בּעט זײַנע בּרידער, זיי זאָלן זיך נישט אײַלן
און א, די צײַט“, פּרץ. *א, כאַראַקטער = זיך
ניט אונטערגעבֿן אַ געפֿיל (שוואַכקייט). „לאה
פֿילט אויך דאָס אייגענע וואָס שׂרה...נאָר זי
האַלט אויס כאַראַקטער“, ממוס, שלמה.

4. דורכלעבֿן אַ שווערע צײַט און זיך ניט

אונטערגעבּן. א, די מלחמה, די הונגעריאָרן.
א, די בּאַלאַגערונג. א, דעם לאַנגן (שווערן, בּיטערן) גלות.

5. אַ לענגערע צײַט איבּערלעבּן אַ געפֿיל.
א, כּעס פֿאַראיבּל פֿאַרדראָס אע. „האַלט ניט

איס דעם כּעס בּיז די אויגן ווערן נאַס„, שוו.
„אַזוי פֿיל שיינקייט, אַזוי פֿיל חן איז דעם מענטשנס האַרץ ניט אין שטאַנד אויסצוהאַלטן“, ממוס, קליאַטשע. *א, עמעצנס בּליק = ניט רעאַגירן, ניט אַראָפּלאָזן די אויגן, ווען עמעצער קוקט אַ לענגערע צײַט גלײַך אין די אויגן.

6. סובֿל זײַן, איבּערטראָגן מיט גערולד, האָבּן אויסדויער. „אַ ייִד קען ניט א, קיין רובֿ טובֿה„, שוו [פּרגל: יבֿמות מז/א: 'ישׂראל ...אינם יכולים לקבּל...רובֿ טובֿה,]. „
אויסצוהאַלטן האָט דער טאַטע ניט געקענט און

געקומען אין זײַן הויז...“, ממוס, יודל. „דאָס בּעסטע און געטרײַסטע פֿאָרפֿאָלק וואָלטן ניט אויסגעהאַלטן, עס זאָל שטענדיק זײַן קושוואָך“, פּרץ. „קאָנען ייִדן ניט א, דאָס נצחונאוו נקמה־פֿײַערל וואָס לײַכט זיך אין די גויימס אויגן“, אַש, תּהילים־ייִד.

7. האָבּן אַ קיום. *ס'וועט א, פֿון אסתּרתּענית בּיז פּורים = ס'וועט האָבּן זייער אַ קורצן קיום. „ווען מען האָט דורכגעפֿירט די בּאַן, האָבּן שטעטלשע חכמים פּה אחד געזאָגט: 'ס'וועט ניט א'".

8. דורכגיין אַ פֿאַרהער, פּרוּוואונג, עקזאַמען (היפּך פֿון דורכפֿאַלן). א אַ פּראָבּע.

,

„האַלטסטו אויס די פּראָבּע, אַז וואויל און גוט איז דיר דענסטמאָל!", ממוס, מסעות. „אַ בּחור אין בּעלי־בּתּישן גראַד האָט איידער אַ חתן וערנדיק געמוזט די ערשטע זאַך א, אַן עקזאַמען", ממוס, שלמה. "דו זעסט, טאַטע, כ'האָב אויף זעקס קלאַסן אויסגעהאַלטן", בּערג, נאָך אַלעמען.

9. בּאַשטיין, גובֿר זײַן אַ נסיון. א, דעם יצר־הרע. „א, מוז איך דעם נסיון, טאַקע ווי אַן ערלעכער מאַן", ממוס, קליאַטשע. „ווען גאָט בּאַפֿעלט אַזוי זײַן פֿאָטער, ער זאָל אים אויפֿן מזבּח שעכטן...ניין, ער וואָלט עס ניט אויסגעהאַלטן. ער וואָלט געוויינט", אַש, תּהילים־ייִד.

10. בּלייַבּן געטרײַ דעם גלויבּן, אַן אידיי(ע). *א, ייִדישקייט = א) ניט געקוקט אויף

נסיונות, צרות, רדיפֿות, דאָך פֿאַרבלײַבן אַ
ייִד; בּ) בּלײַבּן בּײַ טראַדיציאָנעל ייִדישע
פֿירונגען. „ווער נאָך קוקט אין זיי [די דינע
בּיכלעך] אַרײַן? נאָר עפּעס אַזאַ שלימזל...
הלוואַי ער זאָל ייִדישקייט א'„, אבג, דעקטוך.
11. פֿאַרזאָרגן מיט לעבּנסמיטל, שפּײַזן,
מפֿרנס זײַן, געבּן תּמיכה. „דעם רבּינס עסן און
דעם פֿערדס טרינקען קען מען א', דעם רבּינס
טרינקען און דעם פֿערדס עסן קען מען ניט
א'“, שוו [ווש מיט בבּ 3,]. “איין מאַמע קען
א, צען קינדער, צען קינדער — איין מאַמען
נישט“, שוו. „זי זיין ארם, עש הלטן זי די
לוייט אויז„, בּבֿא־בּוך, 85. “זיא העלפֿן.. יונגן
אנדינגן צו לערנן אונ זיא העלפֿן אויז הלטן
יונגן אונ בּחורים“, לט1' 1/46. “און דאָס איז
אַ גרויסע, וואונדערלעכע זאַך אויסצוהאַלטן אַ
וועלט מיט בּרואים אַ סך“, ממוס, שירה. „אַנו,
פּרוּווט א אַ ווײַבּ מיט קינדער פֿון אַ
צעלניק,
קראָם אין כּתרילעווקע“, שע, קליינע
מענטשעלעך. *א, בּכּבֿוד (גדול) = א, פֿײַן, מיט ווערדע.
*א, מיט אַלעם גוטן (מיט אַלדאָס גוטס). *א,
עמעצן מ י ט עפּעס = צושטעלן עפּעס,
פֿאַרזאָרגן מיט עפּעס. „...דען עושר וואַש זיך

האָט גירימט ירושלים אויש צו הלטן איין אונ,
צוונציג יאָר מיט האָלץ,,, עיון, 2/31. *א, אַ
גאַסט בּכּבֿוד. ,,אויף דאַרפֿלייש ווילסטו זיי
א'", אמד, שטיפֿמוטער, וואַרשע 1864.
12. אויפֿהאַלטן. א אַ חורבֿה. א אַ
גע, ,
שעפּט. ,,דאָס געשעפּט האַלט מיך ניט אויס,
איך האַלט אויס נווש מיט בּ3] דאָס געשעפּט",
רייד. ,,דאָס אויסלייזגעלט...דאַרף גיין אויף
אויסצוהאַלטן די שטאָטוואַנט", י. מעריסאָן,
איבּז, קראָפּאָטקין, קעגנזײַטיקע הילף. ,,מיט

אויסהאַמעווען

ריידן אַליין קען מען קיין ישיבֿה ניט א'",
לדבּ.
13. (מוזיק) פּאַוזירן. ,,די פֿידלען דאַרפֿן
א, אַ טראָפּעלע לענגער,,. א, אַ נאָטע =
ריכטיק ציִען אַ נאָטע.
אויסהאַלטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
געווײינטלעך מיט בּ 11 פֿון אויסהאַלטן. "זיי דערנערן
זיך און האַלטן זיך אויס, קיינער גייט ניט פֿון
זײַן געזעץ אַרויס", ממוס, שירה.
אויסהאַלטעוודיק — אַדי. 1. וואָס מע

קען האַלטן אַ לענגערע צײַט. וואָס בײַט זיך
ניט, ווערט ניט קאַליע. אַן א'ע סחורה. א'ע
פּירות. 2. וואָס קען איבערטראָגן,
לעבנספֿעאיק. א'ע מענטשן. 3. אויסגעהאַלטן,
קאָנסעקווענט, פּרינציפּיעל. אַן א'ע אָפּאָזיציע.
4. פֿאַרעקשנט, אײַנגעשפּאַרט. א, אין זײַן כּעס.

אויסהאַלטעוודיקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסהאַלטעוודיק. „בײַשפּילן פֿון נישט־א, ליווערט איטלעכע
סטאַדיע אין דער אַנטוויקלונג פֿון יעדער
שפּראַך„, נפּ. אויסדויערדיקייט,
אויסגעהאַלטנקייט.

אויסהאַלטעניש — דאָס (די), ־ן.
לעבנסמיטל, דורכקומעניש. דזוו אויסהאַלט,
אויסהאַלטונג ←. "זיי האָבן זייער א,", באַש,
טאַטנס בית־דין־שטובֿ.

אויסהאָל(י)ובען — טרוו. האָל(י)ובע אויס,
~(גע)האָל(י)ובעט. אויסצערטלען, אויסהאַלדזן.
האָלובען אַ לענגערע צײַט, אַ צאָל.

אויסהאָל(י)ובען זיך — ← דפֿוו. קזוו —
אויסצערטלען איינער דעם צווייטן. אוטוו —
האָלובען זיך און אויפֿהערן. "דאָס ערשטע
יאָר נאָך דער חתונה...שוין זיך

אויסהאָליובעט, איצט קריגן זיי זיך אַרום“, רייד.
אויסהאַלמעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געהאַלמעוועט. אַרײַנשטעלן די אינעווייניקסטע
העלצלעך אין רעדער. א, בײדע פֿאָדערשטע
רעדער.
אויסהאַ'לעסן, ~האָלעסן — ־עס אויס,
~געהאַלעסט. וורר. סל. אוטוו — טומלען,
שרײַען. א, אַזוי ווילד, אַז מע דאַרף זיך
פֿאַרשטאָפּן די אויערן. טרוו — דורך געשרייען
אַרויסבּרענגען (געפֿילן). א, די טענות, די
קריוודעס. פֿרגל: אויסהאָלאָסען.
אויסהאַלעסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסטומלען. זיך א, און אַוועקגיין.
אויסהאָלצן — טרוו. האָלץ אויס, ~געהאָלצט.
(מוליערײַ). בּאַדעקן מיט שטיקלעך האָלץ, מיט
בּרעטלעך. „מע דאַרף דעם טינק א, און לאָזן
אויסטריקענען„.
אויסהאַלקע(ווע, נע)ן — [האַרטע און
ווייכע ל] טרוו. ־קע אויס, ~געהאַלקע(ווע)ט.
וורר, אוקר. מאַכן האַלקעס פֿון גאַנצן
אָנגרייט (פֿלייש, טייג). א, דאָס פֿלייש און
אַרײַנוואַרפֿן די האַלקעס אין טאָפּ.
אויסהאַמזע(נע)ן — טרוו. ־זע אויס, ~
געהאַמזעט. וורר. אויספֿאָנפֿען, אַרויסבּרענגען

עפּעס מיט אומקלאָרע קלאַנגען דורך דער
נאָז. א, עפּעס מיט אַ פֿאַרשטאָפּטער נאָז.
אויסהאַמעווען — ־עווע אויס, ~
געהאָמעוועט. אויך מיט ז י ך. אוטוו — אויסטומלען,

אויסהאַמערונג

קאָמאַנדעווען (זאַמעט). טרוו — אײַנהאַלטן,
אײַנשטילן אַ צאָל. א, די חבֿרה.
אויסהאַמערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהאַמערן. 2.
קונסטווערק, געמאַכט דורך אויסהאַקן מיט אַ האַמער.
„זייערע קנעפּ און זייערע רערן זאָלן זײַן פֿון
איר גופֿא, אינגאַנצן איין אויסהאַמערונג פֿון
ריינעם גאָלד“, תּי, שמות, כה, 36.
אויסהאַמערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געהאַמערט. 1. אויסקלאַפּן עפּעס (מיט אַ האַמער,
העמערל), פֿון מעטאַל, שטיין, כּדי צוצוגעבן
באַשטימטע פֿאָרעם. א, מיניאַטורן אין גאָלד
און אין זילבער. 2. מיט אַ האַמער (אָדער
מיט עפּעס וואָס מע קען קלאַפּן) אויסקלאַפּן אַ
טאַקט. א, די שעהן; א, פֿערטעלעך. 3. מינצן
(מטבעות), אויסקלאַפּן מיט אַ שטאַמפּ, שטענצל.
„זע ווי שיין און ווי קונציק עס איז

אויסגעהאַמערט די אַלטע מטבע". 4. בכלל
אויספֿורעמען (וואָס אַסאָציאירט זיך מיט אַרבעטן
מיט אַ האַמער). „דער טעאַטער מוז דעם
ערפֿאָלג...מיט זײַנע אייגענע מיטלען שמידן און
א'„ מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.
5. שאַפֿן אַ פֿראַזע, אַפֿאָריזם, נײַע
ווערטערבינדונג, נעאָל. א, (מיט) יאַמבן. „איך האָב
אַזוי פֿיל לידער אויף מײַן לעבן
אויסגעהאַמערט„, אפֿא, לויטער איז דער אַלטער קוואַל.
6. אויפֿוועקן, אויפֿרודערן דעם מוח. א, חשדים
און ספֿקות בנוגע דעם גלויבן.
אויסהאַמפּערן (זיך) — דזוו אויסאַמפּערן
(זיך) ←.
אויסהאַנדלען — טרוו. ־דל אויס, ~
געהאַנדלט. 1. אויספּאַרקויפֿן. „אויפֿן יאַריד
האָט ער אַלץ אויסגעהאַנדלט און געקומען
אָהיים מיט אַ ליידיקן וואָגן„. 2. אויסדינגען
בעסערע באַדינגונגען. א, אַ בעסערן מקח. א,
אַ מציאה. א, עפּעס פֿאַר אַ שיבוש. 3.
באַהאַנדלען ראַיעל. "גלייבט מיר...איך וועל אײַך,
ר, טביה...א, פֿײַן, וואָס פֿײַן הייסט", שע,
טביה. 4. דורכפֿירן אַן עסק אויף ניט
אינגאַנצן אַן ערלעכן אופֿן. אויסנאַרן. „ער איז
אַ ייִד אַ תּם און מע האָט אים אויסגעהאַנדלט".

5. אונטערקויפֿן, איבערקויפֿן. „אַרײַנוואַרפֿן אַן אומשולדיקן משׂכּיל אין אָסטראָג...
איבערקויפֿן דעם רבֿ, מיטן דיין, מיטן גאַנצן צעך — אויך. א, אַלע גנבֿים — אויך“, דלוגאַטש, וועלט־מסורה. 6. אויסנעמען אַ תּנאַי. „אַלע ערדאַרבעט...איז אָסור צו לאָזן [טאָן] דורך אַן עכּו״ם...אַפֿילו ווען מאַן אויסהאַנדלט מיט דעם עכּו״ם...און הייסט אים ניט שבת אַרבעטן„,
הרבֿ א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
אויסהאַנדלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויפֿהערן האַנדלען (מחמת דוחק אין סחורה, געלט, כּוחות, קונים אאַ). ״מע האַנדלט אַזוי לאַנג ביז מע האַנדלט זיך אויס“, שוו.
„וואָלסטו געזען א, זיך וואָס גיכער א .
אויפֿקומען
בעסער אַהיים“, שע, מנחם־מענדל.
פֿירן זיך, זיך אַרויסווײַזן, זיך אַרויסשטעלן
מיט (געווײנטלעך ניט קיין פֿײַנעם)
כאַראַקטערשטריך. „...זיך אַליין אָפּגעשפּילט אַ חתונה
און אויסגעהאַנדלט זיך אַזוי ניט לײַטיש“,
שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
אויסהאָנדלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון אַ לענגערן (
אומגעראָטענעם) אויסהאַנדלען. „נאָך אַזוי פֿיל בריוו
און פֿאַרענישן הין און צוריק סאַראַ
משונהדיקע א, איר האָט עס דערגרייכט", פבֿ.
אויסהאָניקן — טרוו. ־ניק אויס, ~
געהאָ‏.קט. קינדער־לשון. אויסשמירן מיט האָניק.
א, די חלה, די המוציא.
אויסהאָסטיען זיך — אוטוו. ־טיע זיך אויס,
זיך ~געהאָסטיעט. וורר. ווערן אויס גאַסט
נאָך אַ לאַנגן באַזוך. „פֿריִער איז דער פֿעטער
געווען אַ חשובֿער גאַסט, דערנאָך אַזוי זיך אַ
גאַסט, אַ חודש שפּעטער האָט ער זיך
אויסגעהאָסטיעט", רייד.
אויסהאַסטיקן — טרוו. ־טיק אויס, ~
געהאַסטיקט. אין אײַלעניש פֿאַרענדיקן אַן
אַרבעט. „דעם גאַרניטער דאַרף מען א', דער
קונד דאַרף אַוועקפֿאָרן".
אויסהאַסן —־., טרוו. האַס אויס, ~געהאַסט.
פֿר פֿײַנט האָבן אַ צאָל, אַלע (פֿון אַ גרופּע).

א, דאָס ווײַב מיט איר גאַנצער משפּחה.
אויסהאָסצ(י)ען זיך, ~האָשטשען זיך
— אוטוו. ־צ(י)ע, ־שטשע זיך אויס; זיו

~געהאָסצ(י)עט, ~געהאָשטשעט, אוקר. דזוו
אויסהאָסטיען זיך ←.
אויסהאָפּ(ק)ען — טרוו. האָפּ(ק)ע אויס,
~געהאָפּ(ק)עט. אויסטאַנצן, אויסשפּרינגען.
דורכן האָפּ(ק)ען אויסדריקן עפּעס. „די קינדער
האָפּקען אויס זייער פֿרייד“.
אויסהאָפּ(ק)ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
האָפּ(קע)ן און אויפֿהערן.

אויסהאַסטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהאַפֿטן I.

אויסהאַסטן 1 — רוו. האַפֿט אויס, ~
געהאַפֿט. פּפֿ: ~העפֿטן. אויסנייען,
אויסשטיקן, פֿאַרענדיקן האַפֿטן. א, אַ תּפֿילין־
זעקעלע פֿאַרן חתן.
אויסהאַפֿטן 11 —. אוטוו & טרוו. האַפֿט אויס,
~געהאַפֿט. גאַראַנטירן, ערבֿ זײַן פֿאַר אַ צאָל,
אַלע (פֿון אַ גרופּע). א, (פֿאַר) אַ פֿרײַנד.

אויסהאָסן — האָף אויס, ~געהאָפֿט. אוטוו

— גערולדיק, גלייביק האָפֿן אַ לענגערע צײַט.
א, אויף בעסערע צײַטן. טרוו — דערגרייכן
דורך האָפֿן. „מיר האָבן סוף־כּל־סוף
אויסגעהאָפֿט הילף„.
אויסהאָצקען (זיך) — טרוו. ־קע (זיך)
אויס, (זיך) ~געהאָצקעט. אויך: ~
האָטשקען. דזוו אויסהאָפּ(ק)ען (זיך) ←.
אויסהאַק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויסהאַקן. אויסגעהאַקטער דורכגאַנג.
„...לאָזט אים אַרונטער בײַם סאַמע א', וואָס
איז מיט אַ שטיין פֿאַרשטעלט“, אפֿא, יעקבֿס
געצעלטן.
אויסהאַקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהאַקן. אויסהאַקעכץ.
אויסהאַקן — טרוו. האַק אויס, ~געהאַקט.
1. האַקן ביזן סוף, ביז לעצט. „דען ווען מן
אויש הקט די שטנג פֿון דען דאַרן רײַסט מן
אויך אויש דאָס קרויט...“, עיון I/17. „אין
די מלחמות פֿאַרוויסט ער נאָך פֿעלדער, האַקט
אויס אַלערליי ביימער, גאַנצע וועלדער“, ממוס,
שירה. 2. אויסקלאַפּן, אַרויסהאַקן. א, אַ צאָן,
די ציין. „דו ווילסט מיט פֿרעמדע ציין ניס

קנאַקן — הייס זשע דיר דײַנע פֿר ער א, , עט, לידעך. „מע האַקט [דעם יוון] אויס אַ צאָן... דאַנקט ער גאָט וואָס ניט צוויי ציין“, ממנס, 'בישיבֿה של מטה„ *א, אַ פּאַטש = געבן זייער אַ שטאַרקן פּאַטש. 3. צעבּרעכן, מאַכן אַ לאָך דורך האַקן. א אַ שויבֿ, אַ פּאָלאָנקע

,

אין אײַז. „דער זומערמאַכער...האָט אַ לאָך אין הימל אויסגעהאַקט..און אַרויסגעלאָזט דעם זומער“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. 4. אָפּמעקן, אָפּווישן, בטל מאַכן. "וואָס עס איז אָנגעשריבן מיט דער פּען זאָל א, ווער עס קען“, שוו.

5. אויסהאַמערן, אויספֿורעמען (מיט אַ האַק, מיט אַ שאַרפֿן אינסטרומענט). א, פֿיגורן פֿון שטיין. 6. אויספֿורעמען בכלל. "דורך דעם וואָס דאָס שלעכטס ווערט באַהעפֿט אין זײַן נפֿש מאַכט ער אַ פּגם אויבן. אין מקור פֿון וואַנען זי איז אויסגעהאַקט געוואָרן“, תּניא, 180. „דער ערשטער אויסלייזער און דער לעצטער זענען איינס, וואָרעם זייערעביידנס נשמות זענען אויסגעהאַקט פֿון איין אָרט„, אַש, תּהילים־ייִד. 7. קורץ און שטרענג

פֿאָרמולירן. אויסרופֿן, אויסשרײַען. אַ, אַ באַפֿעל. א, לאָזונגען, קאָמאַנדעס. 8. מיט מאַטערניש דורכפֿירן. לר. *א, פרנסה = מיט מי דערשלאַגן זיך צו אויסקומעניש. „ער האָט שוין אויסגעהאַקט אין זײַנעם לעבן שיינע עטלעכע שידוכים גרויסע“, אמד. „האָט נאָך דרײַסיק אָר אַרבעט דאָך נישט געקענט א אַ שידוך פֿאַר

,

זײַן עלטערער טאָכטער„, ב. גאָרין.

אויסהאַקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

אויסגעהאַקטער טייל פֿון אַ וואַלד, פֿאָרעמבע.

אויסהאַרבסטן — טרוו. האַרבסט אויס, ~געהאַרבסט. אַרכ. לר. פֿאַרענדיקן אַראָפּנעמען גערעטעניש פֿון פֿעלדער. „ס'האָט געפֿלוכעט צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד און מע האָט ניט אויסגעהאַרבסט דעם קאָרן“. „וואַרום מוז מן וויין אויז הארבשטן בטהרה אונ, דיא איל דער מאג איך אויז פרעסין (בטומאה)“, מהמ, נא/א, אמשט, 1722.

אויסהאָרבע(נע)ן — טרוו. ־בע אויס, ~ געהאָרבעט. אָפּט מיט ז י ך. אויסהויקערן, מאַכן עפּעס, אַ צאָל (פֿון אַ גרופּע) אויסזען ווי מיט אַ האָרב. א, די אייגענע געשטאַלטן.

אויסהאַרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסהאַרן. אויסוואַרטונג.
אויסהאַרט(עווע)ן — טרוו. האַרט(עווע) אויס, ~געהאַרט(עוועט). אָפּט מיט ז יך. מאַכן האַרט(ער). א, לעדער. א, דעם אייגענעם כאַראַקטער.
אויסהאָרכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהאָרכן. פֿאַרהער, אויספֿרעג. אַ שטרענגע א, פֿאַרן ריכטער.
אויסהאָרכן — טרוו. האָרך אויס'   געהאָרכט. ← אויסהערן. 1. ביזן סוף, פֿאַרענדיקן האָרכן. א אַלץ וואָס דער צד שכּנגד האָט צו זאָגן. 2. אויסהערן מיט קאָפּ, מיט אַלע פּרטים. „איידער דו וועסט אַרויסזאָגן דײַן מיינונג, האָרך זשע מיך פֿריִער גוט אויס“. 3. פֿאַרהערן אין לערנען, אין קענען. א, די תּלמידים. „דער חזן האָט זיך גענומען א, די משוררים“. 4. אונטערזוכן אַ קראַנקן, חולה

אויסהאָרכן זיך

(וועגן אַ דאָקטער). „דער דאָקטער האָט אויסגעהאָרכט דאָס האַרץ און די לונגען„. [מער אַרכ, אַמאָל מער פֿײַערלעך אָדער מער

עמפּאַטיש, אַמאָל מער איראָניש איידער אויסהערן].
אויסהאָרכן זיך — קזוו. ← דפֿוו. פֿאַרהערן
זיך קעגנזײַטיק. „מאָרגן איז דער עקזאַמען,
לאָמיר זיך א'".
אויסהאָרכעניש — דאָס (די), ־ן.
לענגערער פֿאַרהער, אויספֿרעג. אויך איר. „פֿון אַזאַ
א, קען מען ניט דערגיין צי זיי קענען טאַקע".
אויסהאַרמאָנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
האַרמאָנירט. אויך מיט ז י ך. אויסשטימען (
קלאַנגען, קאָלירן, פֿאָרמען) עס זאָל זײַן
האַרמאָניש. א, דאָס מעבל מיט דער פֿאַרב פֿון די
ווענט. א, זיך מיט דער סבֿיבֿה.
אויסהאַרמאַנעווען — טרוו. ־נעווע אויס,
~(גע)האַרמאַנעוועט. אוקר. (ניקאָלאַיעווער
געגנט) פֿאַרענדיקן אויסדרעשן מיט הילף
.
פֿון אָקסן אָדער פֿערד, וואָס זײַנען
צוגעשפּאַנט צו אַ שטיין אָדער אַ וועגעלע מיט
שטיינער.
אויסהאַרמידערן — ־דער אויס, ~
געהאַרמידערט. אוטוו — אויסטומלען. מאַכן אַ
האַרמידער. טרוו — דורכן טומלען עפּעס
אַרויסבֿרענגען. א, געמאַכטע פֿרייד.
אויסהאַרן — טרוו. האַר אויס, ~געהאַרט.

אויך מיט ז י ך. 1. אָפּוואַרטן ביזן סוף, אויסוואַרטן. „אײַל זיך ניט מיט הבֿדלה, האַר אויס די דרײַ שטערן“. „ניט אויסהאַרנדיק זיך דעם סוף, האָב איך געטאָן אַ שפּײַ און אַוועקגעגאַנגען„, ממום, פּריזיוו. „מע האָט אויסגעהאַרט די דרײַ טאָג...און מען איז געגאַנגען זוכן די בתולה“, קאַלמוס, לעבֿעדיקער יתום. 2. אויסלויערן, ליגן אין אַ באַהעלטעניש און וואַרטן. א, די טריט פֿון די זעלנערס וואָס דערווײַטערן זיך.

אויסהאָרן — טרוו. האָר אויס, ~געהאָרט.

1. (גאַרבערײַ) אַרויסנעמען די האָר פֿון פֿעל. „די לעצטע צײַט ווערן אָנגעווענדט שאַרפֿע כעמישע מיטלען וואָס גיבֿן די מעגלעכקייט א, די פֿעל זייער גיך“, ה. וואולאַך, האַנטבֿיכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבֿעט, 1922. אויסהאָרמאַשין. 2. נעאָל. אויסצופּן האָר (צוליבֿ שיינקייט, דורך עלעקטראָליז אָדער אַנדערע מיטלען).

אויסהאָרעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געהאָרעוועט. 1. אויסאַרבֿעטן מיט מי, אָנשטרענגונג; קריגן עפּעס דורך שווערער אַרבֿעט, אויספּראַצעווען. א, דאָס שטיקל ברויט. 2. אויסמאַטערן עמעצן דורך שווערער

אַרבעט, מאַכן האָרעווען. א, דעם יונג מיט
שווערער אָרבעט. 3. איר. טאָן אומבאַהאָלפֿן,
פּאַמעלעך, אומגעראָטן. „דו האָסט פֿון זיך קוים
אויסגעהאָרעוועט אָט די עטלעכע שורות. מער
האָסטו ניט וואָס צו שרײַבן?“. 4. מיט
אָנשטרענגונג דערגרייכן (צו אַ געדאַנק, פּרינציפּ,
וועג אין לעבן אע). „בשעת דעם דאַווענען
האָט ער מיט זיך ניט געטאָן אויף
אויסצוהאָרעווען אין זיך דעם זיכּוך במידות“, לדב.
„נאָך אַלע קלוגע חשבונות און נאָכן א, דעם
גאַנצן אמת מיטן שׂכל, ליגט נאָך אַלץ דער
עיקר אין דער החלטה“, חג, ישיבֿה.

222

אויסהאָרעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויסמאַטערן זיך פֿון צו פֿיל (צו לאַנג,
צו שווער) אַרבעטן. א, זיך בײַ דער אַרבעט
און אַוועקפֿאַלן ווי אַ שטיין. 2. האָרעווען
ביז ניט קענען מער (ניט זײַן מסוגל ווײַטער)
אַרבעטן. „די אַלטע מאַמע האָט זיך שוין אַזוי
אויסגעהאָרעוועט אַז מע מעג איר פֿאַרגינען
דאָס ביסעלע רו„, פּב.

אויסהאַרסן — טרוו. האַרף אויס, ~
געהאַרפֿט. נעאָל. אויסשפּילן עפּעס אויף אַ
האַרף. א אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע.

אויסהבֿלען — [...הע'וולען] טרוו. הבֿל אויס,
~געהבֿלט. (קאָוונע). דורך הבֿלען, זײַן
פֿאַרטאָן אין קלייניקייטן, דאָך זיך דערשלאָגן צו
עפּעס. „אַלץ איז הבֿל, אָבער לאָמיר דאָך א, אַ
לײַטיש לעבן„.
אויסהובלע(ווע)ן — טרוו. הובל(ע, עווע)
אויס, ~געהובל(ע, עווע)ט. אויך: ~
הובליע(ווע)ן. 1. פֿאַרענדיקן הובלען. א,
אַלע ברעטער פֿאַרן טיש. 2. מיט אַ הובל
מאַכן אַ פֿאַרטיפֿונג אָדער אַ באַפּוצעכץ אין
די ראַנדן פֿון ברעט. א, אין ברעט אַ ריוו פֿאַר
אַ פֿוגע.
אויסהודיען — ־דיע אויס, ~געהודיעט.
וורר, אוקר. אויך: ~הודזיען. אוטוו —
אַרויסברענגען אַ צעצויגענעם הילכיקן קלאַנג.
„די פֿאַבריק האָט אויסגעהודיעט אַז ס'איז שוין
זיבן אַזייגער„. טרוו — אויסקלינגען,
אויסדריקן עפּעס דורך הודיען. א, די ווילדע פֿרייד.

אויסהודיען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. הודיען און אויפֿהערן.

אויסהוזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~ געהוזשעט. אויך מיט ז י ך. אויסשרײַען, אויסזינגען אויף אַ הויכן און זשומענדיקן אופֿן. „און ער האָט אויסגעהוזשעט אויף זײַן באַסאָווע שטימע“, שע, אין שטורעס.

אויסהויבן — ← אויסהייבן. [איבער דעם פּאַרטיציפּ געהויבן און דעם פּלאָנטער אין לד צווישן (יי) און (וי) געשאַפֿן געוואָרן אַ ' ליטעראַרישע, פֿאָרעם מיט (וי) אין אינפֿיניטיוו, וואָס איז באמת געווען בלויז אין לשון פֿון אַ שמאָלן פּאַס וואָס האָט זיך געצויגן פֿון ביאַליסטאָק ביז בריסק].

אויסהוידען — טרוו. ־דע אויס, ~געהוידעט. אויסוויגן אויף אַ הוידע, הוידלקע. א, די קינדער. אָפּט מיט ז י ך.

אויסהויזירן — אַקוזוו. ־זיר אויס, ~(גע) הויזירט פֿאַרקויפֿנדיק עפּעס, גיין פֿון הויז צו ־ . הויז איבער אַ באַשטימטן שטח. „דער מאַן הויזירט אויס איין גאַס און די ווײַב זײַנע אַ צווייטע“, רייד.

אויסהויזן — אוטוו. הויז אויס, ~געהויזט.

לד. גוט אויסקומען, לעבן בשלום מיט אַלע(מען), אַ צאָל. א, מיט אַלעמען, אַפֿילו מיט דער שוויגער.

אויסהויך — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסהויכן, אַרויסלאָזן אָטעם, אַרויסאָטעמען. „אַ סקריפּעדיקער א, איז אַ סימן אַז די לונגען זײַנען ניט געזונט„, רייד. 2. אַקט פֿון ענדיקן אָטעמען. „איר אָטעמצוג דעם לעצטן, איר א'...", הל.

אויסהויען

אויסהויכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהויכן. אַן א, אין פֿאַרפֿרוירענעם פֿענצטערל.

אויסהויכן — טרוו. הויך אויס, ~געהויכט. 1. אַרויסאָטעמען, אַרויסלאָזן אָטעם. „האָבן זיי אויסגעהויכט זייער לעצטן געפּײַניקטן אָטעם", ווײַס, 'דער איבערגאַנג'. *א, די נשמה = שטאַרבן. אויך: א, די זעל. „...אויסהויכנדיק זייער זעל אין דער שויס פֿון דער מוטער„, פרץ, איבז, 'איכה„. 2. אויסדריקן עפּעס דורך אַ שטילן קלאַנג, אַ זיפֿץ. „אָט אַזוי האָט [ער] אויסגעהויכט זײַן שמערץ אין אַוויר", יהואָש, הײַאַוואַטאַ. 3. דורך אַרויסלאָזן אָטעם עפּעס

טאָן. „איז זי צוגעגאַנגען צום פֿאַרפֿרוירענעם
פֿענצטער און לאַנג געהויכט, ביז זי האָט
אויסגעהויכט אַ קײַלעכדיק רעדל...“, יר.
4. אויסבלאָזן. א, אַ ליכט.
אויסהויכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסדאַמפֿן זיך. „וואָלט דאָס איבעריקע וואַסער ניט
אויסגעהויכט זיך פֿון די בלעטער, וואָלט דאָס
געוויקס...„, איבז, האָכבערג, א. שמייל,
געוויקסן.
אויסהויל — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהוילן. לאָך. אַן א, אין צאָן.
2. (שנײַדערײַ) אויסשניט פֿאַרן אַרבל (אָדער
אָן דעם אַרבל).
אויסהוילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהוילן. לאָך פֿאַרטיפֿונג, חלל.
.
א, אין אַ צאָן.
אויסהוילן — טרוו. הויל אויס, ~געהוילט.
אויך מיט ז י ך. 1. אויסלעכערן, אויסדרילן;
מאַכן הויל, פּוסט; מאַכן אַ לאָך, פֿאַרטיפֿונג,
חלל. א, די עפּל און אַרײַנשטעלן ליכטעלעך.
„כאַפּן אַ וואַלפֿיש, אים א'“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון
אַ פֿערד־גנבֿ. *דער קאָפּ ווערט מיר
אויסגעהוילט = איך האָב שווערע דאגות. 2.

אויסעסן פֿון אינעווייניק. „אַ קליין ווערעמל האָט אים אויסגעהוילט און אויסגעמאָילט“, בּימקאָ.
3. ליידיק מאַכן, אויסליידיקן. „די אַלע צרות האָבּן אויסגעהוילט זײַן נשמה און ער איז איצט גלײַכגילטיק צו אַלץ“.
אויסהוילקעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געהוילקעוועט. (סטאָליערײַ) אויסשנײַדן, אויסהובּלעווען האַלבּ־קײַלעכדיק. א, די פֿילונג, די פֿילאָנקע.
אויסהויען טרוו. הוי אויס, ~געהויט, ~געהויען. אַרכ. דזוו אויסהאַקן ←. בּאר משה פֿאַרטײַטשט 'פּסל לך', (דבָרים, י, 1): „דו זאָלסט א'“. מלל פֿאַרטײַטשט 'מחטבות תּבָנית היכל, (תּהלים, קמד, 12). „איש גיהויאן„ [תּי: געשניצט]. “...זיי האָבּן אונז איש גהויאט ארבּעה טורין פֿיר סדרים משניות וואָש זיי האָבּין איין פּלפּול...“, 'יציבֿ פּתגם', אין סדר אַקדמות מיט עבֿרי טײַטש... [לעמבּערג? אָנהייבּ 19. יה], 13/בּ. „די שטאַרקע מלאָכים פֿון הימל, וואָס זיי זײַנען אויסגעהויעט פֿון פֿלאַמפֿײַער„, מחזור, פּיעטריקאָוו 1885, בּ, 90. [אין אונגאַיִ געוויינלעך וואָרט פֿאַר אויסהאַקן. „די שטיינער אויסצוהויען...„, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.]

אויסהויקע(נ)ן

אויסהויקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס, ~ געהויקעט. אויך: ~האַוקענען (קורלאַנד, זאַמעט). דזוו אויסהאַווקען ←.
אויסהויקערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהויקערן.
אויסהויקערן —. טרוו. ־ער אויס, ~ געהויקערט. מאַכן אַ הויקער. צעקרימען. „שווערע לעבנס־באַדינגונגען קענען א, אַפֿילו די צאַרטסטע נשמות“.
אויסהולטײַ'עווען, ~הו'לטעווען — ־טײַ'עווע, (הו'לטעווע) אויס, ~געהולטײַ'עוועט, (~געהו'לטעוועט). אוטוו — שטאַרק, אַ סך הולטײַעווען. „דער חבֿרה־מאַן, וואָס ער הולטײַעוועט עס אויס!„ טרוו פֿאַרשווענדן געלט

דורך הולטײַעווען. א, אַלץ וואָס דער פֿאָטער האָט צונויפֿגעשפּאָרט.
אויסהול(י)ע(נע)ן — הול(י)ע אויס, ~ געהול(י)עט. אוטוו — שטאַרק, אַ לאַנגע צײַט הוליען, צעהוליען. טרוו — דורך זייער פֿריילעכע אָדער ווילדע שׂמחות און פֿאַרווײַלענישן

אַרויסבּרענגען געפֿיל, געמיט־צושטאַנד. „ס'איז אַמאָל נייטיק אויסצוהוליען האַרץ־קלעמעניש און צער“.

אויסהול(י)ע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. הוליען און אויפֿהערן. א, זיך און ווידער זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אויסה□לכן — [...הוי'לעכן] אַקוזוו. הוֹלך אויס, ~הוֹלכט. אויך מיט ז י ך. דזוו אויסגיין II ←. דורכגיין אַ סך ערטער. אויסזײַן אין אַ צאָל ערטער גייענדיק. „וואָס ער הוֹלכט אויס אין איין טאָג!“ א, די גאַנצע וועלט (שטאָט). אָפֿט איר. „דער שלעפּער האָט שוין אויסגעהוֹלכט די גאַנצע געגנט“.

אויסהונגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהונגערן. אַ סיסטעמאַטישע א, פֿון דער באַפֿעלקערונג.

אויסהונגערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געהונגערט. 1. מאַכן עמעצער זאָל הונגערן. א, די געפֿאַנגענע. 2. ניט צולאָזן שפּײַז צו אַן אָרט (בײַם באַלאַגערן). „ער שפּרך: ווען איך ניט אנדרש מאג, זא וויל איך זי אויז הונגרן דינן [= דרינען]„, בּבֿא־בּוך, 399. „חוזק נאַר וויל א, כעלעם“, פֿוול [ער לייגט זיך אין דער בּרייט בײַם טויער און לאָזט ניט אַרײַן קיין

שפּײַז]. „טיטוס הרשע האָט אויסגעהונגערט ירושלים“.
אויסהונגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. הונגעריק ווערן; אויסמאַטערן זיך דורך ניט עסן, פֿאַסטן. “לאָז דאָס קאַלבֿ לויפֿן — ס'וועט זיך א„ וועט עס אַליין קומען אַהיים“, שוו. „איז ער איין עני, דען איז ער ניט שולדיג די גאַנצי וואָך דוחק צו ליידן [כּדי צו קענען האָבן אויף שבּת] אונ, זיך אויש צו הונגרן, נייארט ער זאָל עסין וואַש אים גאָט טעגליך בּישערט“, לט1, 2/150. „דער זיך וועגן דיא תּורה אויף דער וועלט טוט אויש הונגרן, ווערט אים הקבּ“ה בּעולם הבּא זאַט מאַכן“, עיון.
אויסהונגערניש — דאָס (די), ־ן.
אויסהונגערונג (אָפּט שפּאַסיק). „מע מאַכט אַזוי פֿיל הכנות צו דער סעודה אַז ס'איז געקומען אויף אונדז אַן א'“.
אויסהוסט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסהוסטן.

ליחות; דאָס וואָס איז אויסגעהוסט געוואָרן. איבּערשיקן דעם א, אין אַ לאַבּאָראַטאָריע צום אַנאַליזירן.
אויסהוסטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהוסטן.

אויסהוסטן — הוסט אויס, ~געהוסט. אויד:
~הוסן (פר). אוטוו — הוסטן, אַ הוסט טאָן.
,,דער אַלטער האָט אויסגעהוסט מיט אַ זיפּץ
און ווײַטער גערעדט,,. טרוו — דורך הוסטן
אַרויסברענגען עפּעס (שפּײַעכץ, ליחות, בלוט
אאַ). א, אַ ביסל בלוט. א, דעם כּעס. ,,
געלבלעכע בלעטער וואָס ווינטיקע ביימער האָבן
אויסגעהוסט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט", פּמ,
דור־אויס דור־אײַן.
אויסהוסטן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. הוסטן
ביז ניט וועלן (דאַרפֿן) מער, ביז ס'וועט
גרינגער. ,,הוסט זיך אויס, וועט דיר בעסער
ווערן". ,,נאַ דיר גאָר הוסטן! קראַנק געווען אין
דער היים זיך א'?", שע, מע)יות און
פֿאַנטאַזיעס. 2. אַ ביסל הוסטן, כּדי אויסצוריייניקן
דעם האַלדז, די לופֿטרער. ,,...ער זאָל זיך פֿריִער
א, און אויסשנײַצן די נאָז", לט2, 1/22. ,,בין
איך מיר געזעסן שטיל...דערנאָך האָב איך מיך
אַ ביסל אויסגעהוסט און אַ פֿרעג געטאָן",
ממוסI
אויסהוסטעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסהוסטונג (דויערנדיקע, מער ווי פֿון איין מענטש).
,,ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּײַעניש, אַן א',
אַ ווישן זיך די נעז,,.

אויסהוקען — טרוו. ־קע אויס, ~געהוקעט.
אויסשרײַען מיט בייזקייט אָדער אומקלאָר;
אויסבורטשען ←. א, באַפֿעלן.
אויסהוקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. הוקען
(שרײַען, בייזערן זיך, בורטשען) און
אויפֿהערן.
אויסהורבע(נע)ן — טרוו. ־בע אויס, ~
געהורבעט. וורר, אוקר. אויסשטעלן (אויסלייגן),
צונויפֿשיטן אין הורבעס (קופּעס, בערגלעך).
„ס'האָלץ איז נאָך ניט גענוג טרוקן. לאָמיר
עס א, דאָ אויפֿן הויף“, רייד.

-

אויסהורגן — [...הוי'רעגן] טרוו. הורג אויס,
~געהורגט. פּר. אויסהרגענען. „דער גזלן
האָט גענוג ייִדן אויסגעהורגט“.
אויסהורן — טרוו. הור אויס, ~געהורט. אויך
מיט ז י ך. וואול (נאָר בנוגע אַ פֿרוי). קריגן
עפּעס דורך אוממאָראַלישע געשלעכטלעכע
פֿאַרקערן.
אויסהיד(י)ען — טרוו. היד(י)ע אויס, ~
געהיד(י)עט. אויך: ~הידזיען. אָפּט מיט ז י ך.
דזוו אויסהודיען ←.
אויסהיהיקען (זיך) — דזוו אויסכיכיקען

(זיך) ←.

אויסהיזקן — [...הע'זעקן] טרוו. היזק אויס, ~געהיזקט פֿאַרקויפֿן מיט היזק פֿאַרפֿאַלן,

. ,, .

לאָמיר א, אָט די פֿאַרלעגענע סחורה, און אַראָפּ פֿון מאַרק“, רייד.

אויסהיטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהיטן.

אויסהיטן — טרוו. היט אויס, ~געהיט, ~ געהיטן (אין טעקסטן ביזן 20. יה און אין פּר).
1. גוט אָפּהיטן, דערהיטן, פֿאַרהיטן. „די באָבע האָט אויסגעהיט דאָס אייניקל פֿון אַ בייז־אויג„..

אויסהייבנם

א, פֿון (אַלע) צרות, סכּנות, שלעק, אָנשיקענישן. אין ווינטשעוואַניעס: גאָט הש“י זאָל א,; זאָל דער דערבאַרעמדיקער אונדז א,; אַ גוטער מלאך זאָל א,. „נאָר פֿון צוויי זאַכן האָט אונדז גאָט אויסגעהיט. פֿון לופֿט און פֿון פּרנסה“, שע,

.

איינזנבאַן־געשיכטעס. *גאָט זאָל א'! = אַזויגס זאָל ניט געשען! *אַז גאָט זאָל א, = א) אין אַזאַ גרויסער (שטאַרקער) מאָס אַז עס איז אַ

סכנה; בּ) בכלל ווי אַ מין סופּערלאַטיוו.
„...האָבּן אַלע יידן אָנגעהויבּן פּײַפּן און טופּען
מיט די פּיס. עס איז געוואָרן אַ פּײַפערײַ אַז
גאָט זאָל א'". יק. 2. בּאַהאַלטן אויף
שפּעטער (ווען מע וועט זיך מער נייטיקן אין דער
זאַך). א, האָלץ אויף די ווינטערדיקע קעלטן.
אויסהיטן זיך — רעפל פון אויסהיטן (מיטן
ספּעציעלן ניואַנס): אָפּגעהיט זײַן, בּאַוואָרנט
זײַן (ניט צו טאָן). „היט זיך אויס צו בּאַשליסן
עפּעס אויף דער הייסער מינוט, בּאַטראַכט זיך".
אויסהיטעניש — דאָס (די), ־ן. אויסהיטונג.
מיטל, אָרט זיך אויסצוהיטן. בּײַטן דעם אַדרעס
ווי אַן א, פאַר דער פּאָליציי.
אויסהייבּ — דער, ־ן. אַקט פון אויסהייבּן.
העכערער אָרט, בּולטער פּונקט אין אַ ליניע.
„די ליניע איז ניט קיין גלײַכע, זי האָט דאָ אַ
קאָנטיקן א'".
אויסהייבּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פון אויסהייבּן.
אויסהייבּן — טרוו. הייבּ אויס, ~געהויבּן.
1. אויפהייבּן פון אָרט, אַרויסנעמען; הייבּן
מיט אַן אַנדער ווינקל. „מע דאַרף דעם טיש א',
אַניט גייט ער ניט דורך דורו דער טיר„. „ווען
איינער האָט איין שליסל פאַרלאָרן פון איינם

אלמיר אודר פֿון איינם חדר, איין טייל לייט זיינן עז מתּיר די טיר [אום שבּת] אויז צו היבּן אויז דר אנגיל", לט1, 1/78.

2. אַרויסנעמען אַ ספֿר־תּורה פֿון אָרונקודש. „...אודות החטאים דאָש גישעהן זיין אַן חג שׂמחות התּורה תע„ה [1714] דאז אויז גיהויבּין זיין אלי ס"ת כּנהוג", גה, 333. „און, מן היבּט אויז דיא ספֿר תּורה און, לייאנט די פּרשה צעהן פּסוקים אין דער זעלבּיגי סדרה דז דיא זעלבּיגי וואָך גיט", לט1, 1/25. „דר נאָך [זאָגט מען] ואנחנו לא נדע און, האַלבּ קדיש און, אַל ארך אפּים און, היבּט אויס...און, לייאט דיא וואוכן סדרה", ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ה/א. „[תּחינה] וואַש מן אלי שלש רגלים זאָגט ווען מן אויש היבּט", נייאי תּחינות ובקשות פֿיורדא, תּק"ד [נוסח אין 'סימני

,

התּחינות„ ט, אין דער תּחינה גופֿא: „ט„ די שינה תּחינה זאָל מן מתפלל זײַן אלי שלש רגלים ווען מן אויז נ ע מ ט „]. [לד — ניטאָ].

3. אַרויסבּאַקומען, אַרויסקריגן, דערגרייבן דורך דערגיין עפּעס. „דאָך אָבּער וויל איך פֿריִער נאָך עפּעס א, פֿון אײַך„, אמד. „אַ לײדיקגייער וואָס ווער א, אַ גוטן שידוך",

ייִפֿאָל, 4 .1882 I ▯ 10. אַרויסשטעלן ווי אַ
באַדינג, ווי אַ וויכטיקן פּונקט. „קענסט א,
וואָס פֿאַר אַ תּנאָים דו ווילסט“, בּימקאָ.
אויסהייבּנס — דאָס (די), ־ן. מיִ, פּר, אוקר.
1. צערעמאָניע פֿון הוצאה, פֿון אַרויסנעמען
די ספֿר־תּורה צום לייענען. „ווער ס'האָט א,
זאָל אויך אײַנהייבּנס האָבּן“, שוו, טענדלאַן,

אויסהייבּעניש

865 [ווער עס נעמט אַרויס די ספֿר־תּורה זאָל זי
אויך אַרײַנשטעלן צוריק אין אָרון = אויך:
ווער עס פֿאַרקאָכט אַ קאַשע זאָל זי אויפֿעסן].
2. דער גאַנצער פּראָצעס פֿון קריאת התּורה.
„שבּת צי יום־טובֿ, ווען מע לייענט די תּורה,
קומט ער אין שול אַרײַן נאָכן א'“, אָפּאַ.
אויסהייבּעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסהייבּונג (געדויערדיקע, מיט אָנשטרענגונג).
אויסהײַטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך אויס,
זיך ~געהײַטלט. זיך באַדעקן מיט אַ הײַטל.
„די מילך הײַטלט זיך אויס מיט פּלעווקע„.
אויסהייכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהייכן.
אויסהייכן — טרוו. הייך אויס, ~געהייכט.

מאַכן הויך, העכער. „גאָט ב„ה קען טאַקע
אַראָפּוואַרפֿן, אָבער ער קען אויך א,“. „די
לינקע פּלייצע באַדאַרף מען אַ ביסעלע א',„
(שנײַדערײַ).
אויסהייכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסציִען אין דער הייך (לענ)), גיך אויסוואַקסן.
זיך א, אין איין יאָר נאָך בר־מצווה.
אויסהייל — דער. מצ נב. אַקט פֿון
אויסהיילן. “זאָל דער פּאַציענט נאָר האָבן געדו ו.,
איז דער א, ממש גאַראַנטירט“.
אויסהיילבאַר — אַדי. דטשמ. וואָס מע קען
אויסהיילן. ־קייט, די — אייגנשאַפֿט פֿון
זײַן א'.
אויסהיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רע
זולטאַט פֿון אויסהיילן. „די א, ציט זיך לענ..
גער ווי די קראַנקייט גופֿא,,.
אויסהייליקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהייליקן. אַן א, לויטן
קאַטוילישן ריטואַל.
אויסהייליקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געהייליקט. מאַכן הייליק, דערקלערן אַז ס'איז
הייליק. „נאָך אַ צאָל בלוט־בלבולים האָט די
צערקווע אויסגעהייליקט נײַע 'מאַרטירערס'“.

„דער שפּאָלער זיידע האָט אַזוי אויסגעהייליקט אַלע זײַנע אבֿרים, אַז בשעת זײַן טאַנצן מאַכן זײַנע פֿיס פֿון זיך אַליין יחודים און זײַנען מכוון כּוונות„, א. שטיינמאַן, ייִדן אין אוקראַאינע.

אויסהיילן — טרוו. הייל אויס, ~געהיילט. היילן ביזן געזונט מאַכן; אויסקורירן. „אַ נאַר קען מען ניט א'“, שוו. „אַ פּאַרך [= שלעכטער, פֿאַרדאָרבענער] לאָזט זיך ניט א„„ שוו. „דער אלטיר מאַן אונ, פֿרא האָכין...דען קינד דען שוועהרין [= געשוויר] אַך היפּש אויז גיהיילט“, גה, 92. „דעריבער האַלט עס יענער שטאַרק פֿאַר נייטיק אויסצוהיילן יודלען אָט דעם ווייטיק“, ממוס, יודל. *א, די הינעראויגן = א) היילן זיך פֿון אײַנגערעדטע קרענק; ב) אין סאַנאַטאָריעס פֿאַר שווינדזיכטיקע: שפּאָטיש וועגן די וואָס ריידן זיך אײַן אַז זיי זײַנען שוין געזונט. „געקומען אויף דאַטשע, זיך אויסרוען אַ ביסל, א, די הינעראויגן„, שמ, דור המדבר. “עס קומט דער טויט אים א, פֿון לעבן“, סוצ, אין מדבר סיני.

אויסהײַלן — הײַל אויס, ~געהײַלט. אוטוו — צעצויגן און ווײנעוודיק אויסבילן. טרוו — אַרויסברענגען עפּעס דורך קלאַנגען וואָס

זײַנען ענלעך צום געוואָי פֿון אַ הונט (

שאַ224

קאַל, וואָלף). „די היענעס הײַלן אויס זייער הוננער„.
אויסהיילן זיך — רעפֿל פֿון אויסהיילן, מיטן ספּעציעלן ניואַנס: איבערקומען אַ קרענק; גענעזן, געזונט ווערן אָן היילמיטלען. „ביז דער חופּה (חתונה) וועט זיך עס א„„ פֿוול. „פֿון רחמנות און פֿון פּחדנות קען מען זיך ניט א'“, שוו.
אויסהײַלן זיך — אוטוו. הײַל זיך אויס, זיך ~געהײַלט. הײַלן און אויפֿהערן. „שאַקאַלן הײַלן זיך קיינמאָל ניט אויס“.
אויסהיילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אויסהיילן. „אַ סך געפֿערלעכע קראַנקייטן זײַנען איצט געוואָרן א'„.
אויסהיילעוודיקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסהיילעוודיק.
אויסהיימישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהיימישן. „וואָס גיכער די א, וועט פֿאָרקומען — אַלץ בעסער פֿאַר די נײַ־געקומענע“.

אויסהיימישן טרוו. ־יש אויס, ~
געהיימישט. אָפּט מיט ז י ך. מאַכן מע זאָל ווערן
היימיש, אויס פֿרעמד. א, די אָנגעקומענע
עולים מיט די תּושבֿים. „קינדער היימישן זיך
גיכער אויס ווי דערוואַקסענע“.
אויסהיימלעכן — טרוו. ־לעך אויס, ~
געהיימלעכט. נעאָל. מאַכן מע זאָל זײַן היימלעך
(דוד נלאָבוס, קאָוונער פֿאָלקסבלאַט).
אויסהײַנטיקן — טרוו. ־טיק אויס, ~
געהײַנטיקט. נעאָל. מאָדערניזירן, צופּאַסן צו
הײַנטצײַטיקייט, פֿאַרהײַנטיקן. א, אַלטע
פּירונגען.
אויסהייסן — טרוו. הייס אויס (3. פּ,: הייסט
און הייס), ~געהייסן. פּטמ. הייסן טאָן אַ
סך זאַכן, געבן פֿאַרשיידענע באַפֿעלן. „אַרײַן
אויף אַ פּאָר מינוט און אויסגעהייסן אונדז
אַרבעטן אויף עטלעכע טעג“, רייד.
אויסהײַען — טרוו. הײַע אויס, ~געהײַעט.
וורר, אוקר. אויך מיט ז י ך. 1. פֿאַרציִען,
אָפּלייגן. „ער הײַעט אויס אַ שעה אַרבעט אויף
אַ גאַנצן טאָג“. 2. אונטעריאָגן,
אונטערשטופּן. „הײַע ניט אויס, איך קען ניט אַרבעטן,
ווען מע שטייט מיר איבערן קאָפּ“.
אויסהייפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געהײַפּלט.

- ￼

אויסטיילן, אַרויסנעמען הויפּנוויַז, אין
היַפּעלעך. ספּר החן הוא חנוך הנערים, ווילנ￼ ,
1868, טיַטשט ,וקמץ משם מלא קמצו, (ויקרא
בּ, 2) ,,און זאָל ער א''. א, אַ פּולע זשמעניע
(פּראָסע), א, אַ שמעק טאַבּעקע.

אויסהייצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פּון אויסהייצן.

אויסהייצן — טרוו. הייץ אויס, ~געהייצט.
1. הייצן בּיזן סוף, בּיז ס'ווערט הייס. א, דעם
אויוון, די (ה)רובּע, די פּליטע אאַזוו. ,,עס וועט
זיַן אַ רובּל אין קעשענע, וועט מען קויפּן אַ
וועגעלע האָלץ, און אַז עס וועט זיַן קאַלט,
וועט מען א'', יד, אבֿן נגף. ,,ניט איין אויוון
קען מען א, מיט די קוילן וואָס ליגן אונטער
יעדן בּעט'', פּה, פּון וויַטע לענדער.

2. אָנוואַרעמען (אַ שטובּ) דורך בּרענען.
א, די שטובּ, די קאַמער, די בּאָד אאַזוו. ,,אַ
בּאָד וואָס מע האָט זי געהייצט אום שבּת פּון

אויסהימלען

עכּו''ם וועגן מאָג אַ יהודי אַריַנגיין דרינען
תּיכּף נאָך שבּת, אָבער אַז מ'האָט זי אויך

געהייצט פֿון אַ יהודי וועגן מוז מען וואַרטן
נאָך שבת ביז מ'וואָלט זי געקענט אויסהייצן“,
לט2, 2/69. *א, די באָד (ס'באָד, ס'בעד)
= אונטערהעצן, אויפֿהעצן אַ קריגערײַ. „און
דער בעדער טאָרקוועמאַדע הייצט אויס ס'בעדל
מיט פֿאַראַדע„, ממוס, יודל. 3. אויסניצן
גאַנצן ברענשטאָף. “שוין אויסגעהייצט אַלע
קוילן פֿון קעלער“. *א, אַ וואַלד = גוזמא
וועגן פֿאַרניצן אַ סך האָלץ.
אויסהיכצ(ע)ן — היכץ (היכצע) אויס, ~
געהיכצ(ע)ט. אוקר. אוטוו — אויסשרײַען,
אויסוויינען מיט אַ פֿאַרבאַפּנדיקן אָטעם. טרוו —
עפּעס אַדויסברענגען מיט אַ געוויין. „אוי־ווי,
אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! — האָט [ז]
אויסגעהיכצט און גלײַך געפֿאַלן אין חלשות“,
רודאָי, טמז, 25 1957 III.
אויסהיל(ד)זן — טרוו. היל(ד)ז אויס, ~
געהיל(ד)זט. אויסניצן אַלע היל(ד)זן (הילזעס)
אָדער דעם גאַנצן טאַבעק בײַם שטאָפּן
פּאַפּיראָסן. „ס'פֿעלט טאַבעק אויסצוהילדזן„,
ריידאויסהילונג — די, ־ען. נעאָל. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהילן. אַנטהילונג. „די א,
פֿון דער מצבֿה וועט פֿאָרקומען איבעראַכטאָג

זונטיק“.

אויסהילך — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסהילכן. קלינגיקער, עכאָדיקער אויסרוף.

אויסהילכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהילכן. „ניט אַלע מיקראָפֿאָנען זײַנען גלײַך אין זייער א,,,..

אויסהילכן — הילד אויס, ~געהילכט. אויך מיט ז י ך. אוטוו — 1. אויפֿהערן צו הילכן. „דאָס וואָרט פֿון דעם נבֿיא האָט שוין אויסגעהילכט אין די גאַסן פֿון ירושלים“. 2. הילכן כּסדר, געדויערדיק. „און עס הילכן אויס די רייד פֿון דײַנע נבֿיאים בּיז אין די ווײַטע דורות אַרײַן„. טרוו — 1. אַרויסבּרענגען קלאַנגען (אויסרופֿן, געשרייען) וואָס זאָלן זיך קלאָר צעטראָגן איבּער אַ בּרייטן שטח. „דער סקריפּעדיקער גראַמאָפֿאָן הילכט אויס 'האָט אַ ייִד אַ ווײַבּעלע...',„ 2. דורך הילכיקע רייד אויסדריקן עפּעס. א, אַלע טענות, אַז די גאַנצע גאַס זאָל זיי הערן. „'גוט, זייער גוט, — האָט דער רבֿ אויסגעהילכט“, פֿאָר, 1 ◻ l9 I ◻ 11.

אויסהילן — טרוו. היל אויס, ~געהילט. 1. אײַנהילן, בּאַדעקן מיט אַ הילע אַ צאָל. א, די טענצערינס אין לאַנגע וואואַלן. „דער לערער האָט געהייסן א, אַלע שולבּיכער“.

2. אָפּדעקן, אָפּטאָן די הילע, אויסטאָן דאָס אייבּערשטע. „דעם ייִדן האָט מען אויסגעהילט פֿון אַלע תּאוות עולם־הזה“, ייִל.

אויסהילף; — די, ־ן. מיטל, מכשיר וואָס העלפֿט אויס (בײַ אַן אַרבעט). „....אַן א, בײַם געפֿינען דעם פּאַסיקן ייִדישן וואָרט־מאַטעריאַל“, מוו, סטוטש. פֿרגל: אויסהעלף.

אויסהימלען — טרוו. ־מל אויס, ~געהימלט. 1. מאַכן דעם הימל (אָדער עפּעס וואָס איז ענלעך צום הימל). “גאָט האָט אויסגעהימלט דעם הימל,.. „פֿאַר מיר...האָבן מלאָכים.... אויסגעהימלט אָ וועג צו גאָט“, אפֿא, לויטער איז דער אַלטער קוואַל. 2. עפּעס אויפֿטאָן

אויסהימנען

דורך קוקן אין הימל אַרײַן. „וואָס ווײסטו א, מיט קוקן אויף די שטערן?“. 3. זייער שטאַרק לויבּן, אין הימל אַרײַן. „זײַן התפּעלות פֿאַרן פּאָעט האָט גאָר קיין גרענעץ ניט, ער הימלט אים אויס“.

אויסהימנען — טרוו. הימען אויס, ~ געהימענט, נעאָל. אויסזינגען אין אַ לויבּליד; מאַכן אַ הימען (הימנע) פֿון אָדער לכּבֿוד עמעצן

אָדער עפּעס. „דײַן ליכט וואָס איך האָב
אויסגעהימענט לויכטן זאָל מיר ווי אַ מאָנומענט„,
סוצ, לידער, 1936.
אויסהינטישן — , טרוו. ־יש אויס, ~
געהינטישט. נעאָל. עפּעס אַרויסקריגן אויף אַ
הינטישן אופֿן. אויסקליאַנטשען, א, לאַסקעס.
אויסהינ(י)ען — טרוו. הינ(י)ע אויס, ~
געהינ(י)עט. וורר. אויך מיט ז י ך. עפּעס
דערגרייכן דורך בלײַבן איבעריק לאַנג אויף איין
אָרט. „וואָסערע גליקן ווערסטו דאָ שוין א'?
פֿאָר אַוועק!„..
אויסהינקען — אַקוזוו. הינק אויס, ~
געהונקען (אויך: ~געהינקט). דורכגיין אַ צאָל
ערטער הינקענדיק. „פּאַמעלינקע האָט דער
בעטלער אויסגעהונקען גאַס נאָך גאַס“. *א,
זיך אַ פֿוס = אויסלינקען, אויסדרייען זיך אַ
פֿוס.
אויסהיסן (זיך) — פּד, אוקר. דזוו
אויסהוסטן (זיך) ←. „דאָס קינד זאָל זיך לײַכטער
קענען א', באַשפּריצט מען מיט ווײַנעסיק
דאָס קישן“, קמ, 1867, No 19.
אויסהיצן זיך — אוטוו. היץ זיך אויס, זיך
~געהיצט. אויפֿהערן זיך צו היצן. „אַז איר
וועט זיך א', וועט מען קענען דעם ענין

באַטראַכטן מיט ייִשובֿ־הדעת,,, רייד.

אויסהיקען — טרוו. ־קע אויס, ~געהיקעט.
1. אַרויסזאָגן אומקלאָר, זיך פֿאַרהיקענדיק, האַלבֿ שטאַמלענדיק. ,,שווער צו כאַפּן וואָס ער היקעט אויס“. 2. אויסשרײַען מיט אומצופֿרידנקייט.

אויסהיקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. היקען און אויפֿהערן. ,,גאָט צו דאַנק דער רעדנער אונדזערער האָט זיך שוין אויסגעהיקעט“.
2. אַרויסזאָגן אומגעריכט, מיט צוריקהאַלטנדיקן שרעק. ,,די מאַמע האָט זיך אַפֿילו אויסגעהיקעט, אַז 'גאָט זאָל אײַך העלפֿן אַ כּשרן פּסח...'. האָבֿ איך אויף איר אַ היקע געטאָן: ,נאַרישע ייִדענע!'“, פּבֿ.

אויסהירזשע(נע)ן — ־זשע אויס, ~ געהירזשעט. אוטוו — פּלוצעם אָנהייבֿן הירזשען. ,,וואָס וועט זײַן אַז דאָס פֿערד וועט א, און די גרענעץ־וואַך וועט דערהערן?“ טרוו — דורך הירזשען (ווילד אָדער נאַריש לאַכן, אַרויסבֿרענגען קלאַנגען ווי אַ פֿערד) אויסדריקן עפּעס. א, פֿרייד.

אויסהירזשע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. הירזשען און אויפֿהערן, זיך אָנזעטיקן מיט הירזשען. ,,דער קלאַס האָט זיך צעהירזשעט

און עס האָט געדויערט אפֿשר צען מינוט ביז
מע האָט זיך אויסגעהירזשעט,,, רייד.
אויסהכשרן — [...הע'כשערן] טרוו. הכשר
אויס, ~געהכשרט. געבן הכשרים אויף אַ
צאָל זאַכן (ניט גענוג אָפּגעהיט). לייגן
פלאָמבעס און אַלץ א'.

225

אויסהלכענען — [...האַ'לכענען] אַקוזוו. הלכע
(אויך הלכן) אויס, ~געהלכעט (אויך ~
געהלכנט). אויך מיט ז י ך. אויסגיין, דורכגיין
(מיט איר בײַטעם). א, דאָס שטעטל אין דער
לענג און אין דער ברייט עטלעכע מאָל אַ
טאָג.
אויסהספדן — [...הע'ספעדן] טרוו. הספד אויס,
~געהספדט [...הע'ספעט]. מאַכן הספדים
איבער אַ צאָל נפֿטרים. ,,ווער קען א, אַלע
אונדזערע געפֿאַלענע?“.
אויסהעבל(י)עוון — טרוו. ־ל(י)עווע אויס,
~געהעבל(י)עוועט. דזוו אויסהובלען ←.
אויסהעכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהעכערן. ,,די א, פֿון
פּרײַזן איז געקומען אומגעדיכט,,.

אויסהעכערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געהעכערט. 1. מאַכן העכער. א, די ווענט.
2. מאַכן גרעסער. א, די פּרײַזן.
אויסהעלן — טרוו. העל אויס, ~געהעלט.
מאַכן העל(ער). ,,מע דאַרף א, דעם טיפֿן בלוי,,.
‟ביז ס'וועלן אַלע מענטשלעכע נשמות ווערן
אויסגעהעלט,,, בּראָד, איבּערגאַנג.
אויסהעלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך,
אָן אַרבּעט ווערן העלער. ,,אַז די פֿאַרבּ וועט
טרוקן ווערן, וועט זיך עס בּמילא א'‟.
אויסהעלף — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסהעלפֿן;
שטיצונג, הילף. אַרויסהעלפֿער, שטיצער. ,,מײַן
פֿרײַנד איז מיר אַן א, אין דער נויט,,. ,,די
נקודות זײַנען...אַ מין א, פֿאַרן פּריוואַטן
בּאַנוץ פֿון דעם ווינציק געניטן לייענער,,, מוו,
שוואַרצע פּינטעלעך. פֿרגל: אויסהילף.
אויסהעלפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהעלפֿן. שטיצונג,
מיטאַרבּעט. ,,אָן אײַער א, וואָלט מען ניט געקאָנט
פֿאַרענדיקן הײַנט די אַרבּעט‟.
אויסהעלפֿן — אוטוו [אָבּיעקט אין דאַטיוו].
העלף אויס, ~געהאָלפֿן. 1. צוהעלפֿן,
בּאַהילפֿיק זײַן, זיך מיטבּאַטייליקן אין צווייטנס
אַרבּעט. ,,...ווײַל די מאַמע איז אַוועק א, דעם

טאַטן“ פֿל. „טאָמער האָב איך אַמאָל ניט גוט
,
פֿאַרשטאַנען, האָט מיר מײַן זכרון
אויסגעהאָלפֿן“, קאַצאָוויטש. 2. געבן עפּעס וועו מע
נייטיקט זיך. א, מיט געלט (אַ וואָרט, אַן עצה,
מכשירים, עסן אאַזוו). „איר האָט מיר אַפֿילו
צוגעזאָגט אויסצוהעלפֿן אונטער אַ נויט“,
ממוס, „בישיבֿה של מטה'. מיט ז י ך =
אויך: א) זיך אַן עצה געבן; ב) געפֿינען אַ
פֿאַרבײַט, אַ כּמו, וואָס זאָל זײַן גענוג גוט.
„ער טאָר ניט רעדן, העלפֿט ער זיך אויס מיט
די הענט“, רייד. *א, מיט אַ קרעכץ (זיפֿץ)
= מאַכן בלויז אַן אָנשטעל פֿון העלפֿן.
אויסהעלפֿעניש — דאָס (די), ־ן. אויסהעלף,
אויסהעלפֿונג. (קען זײַן מיט איר בײַטעם).
„צוזאָגן און אָפּלייגן איז ניט קיין א,“, שוו.
אויסהענגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהענגען.
אויסהענגען — הענג אויס, ~געהאַנגען,
אויך: ~געהאָנגען, (אין פּד אויך: ~געהענגט).
1. פֿאַרענדיקן הענגען, אויפֿהענגען אַ צאָל
זאַכן. א, בילדער אויף די ווענט; א, וועש.
„גאָפּל־מעסער ביינערנע האָבן געהערט צו אַ
נגידישע שטוב און מען פֿלעגט זיי א, אויף

אויסהעקערן

די ווענט“, יאַ, דער ערשטער רעקרוט. „האָט
...אויסגעהאַנגען אויף אַ שטריקל עטלעכע [זי]
שטיקלעך גרעט“, ממוס, ווינטשפּ. 2.
אויסצירן, דורך אויפֿהענגען. א, די ווענט מיט
בילדער. „בשעת בויען און דעקן און אויסהענגען
די סוכּה — דעמאָלט טרעט ער ניט אָפּ פֿון
דער אַרבעט“, שע, פֿון פּסח ביז פּסדו. 3.
אויפֿהענגען אויף אַ תּליה אַ צאָל (□לע) פֿון אַ
גרופּע. א, אַלע ערבֿניקעס. 4. אויפֿהענגען
אין דרויסן; אויפֿהענגען מע זאָל גרינג
דערזען. „...אין דעם הויז דש מן פֿלעגט צו היישן
אין דש הירשן הויז, דען עש פֿלעכט איין
הירש פֿאַר איין שילד אויז צו הענגן“, ספֿר
מעע)ה נסים [אַווע III, 3□].
אויסהענדלען זיך — אוטוו. ־דל זיך אויס,
זיך ~געהענדלט. ווערן ווי אַ הענדל, אַ האָן,
זיך נעמען פֿירן אַ ביסל מעשׂה מאַן. זיך א,
גלײַך נאָך בר־מצווה.
אויסהענקערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געהענקערט. אומברענגען ווי אַ הענקער,
אומברענגען דורך יוסטיץ־־מאָרד אַ צאָל. א,

אַמאָליקע מיטקעמפֿערס.

-

אויסהעסטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהעפֿטן. „שטײַפֿע קאָלנערס, באַפּוצט מיט גילדענע א'ען„, סײַמאָן, צװײַגן.

אויסהעפֿטן — טרוו. העפֿט אויס, ~געהעפֿט (~געהאָפֿטן). אויסהאַפֿטן. פֿאַרענדיקן העפֿטן, אויסשטיקן, אויסנייען מוסטערן אויף שטאָף, קליידער. [א, איז בולטער ווי אויסשטיקן, ווײַל בײַם א, נייט (ציט) מען אונטער נאָך פֿעדעם]. א אַ נײַעם פּרוכת. א אַ בלוזע; א,

רויזן אאַ. „מיט פֿײַן בעט גוואַנט האָביך מײַן בעטל שיין פֿאַר בעט, אויס גהעפֿט אויף מצרימישן באַטיסט„, מס, משלי, ז, 16. „קנײַפּט ער [= תּשרי] הויפֿנס פֿון די ריטער, טרײַבט ער שאָטנס פֿון דער ערד, ווערן גאָלד־ און קופּער־טיכער אויסגעהאָפֿטן אויף דער ערד„, יהואָש.

אויסהעצקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געהעצקעט. אויך: ~העטשקען, פּד. דזוו

אויסהאָצקען ←.

אויסהעקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסהעקלען. אַן א, לויט זייער אַ קאָמפּליצירטן מוסטער.

אויסהעקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געהעקלט. 1. העקלען בּיזן סוף, אויסשטריקן אויף אַ בּאזונדערן אופֿן (קראָשע'). א אַ בּלוזקע, שאַל

,

-

אאַ. 2. אַרומנייען מיט העקעלעך, אַרומקלאַפּן מיט קרוקעלעך. א, אַ טוניק, מאַנטעלע.

3. אויסליידיקן, אַרויסגנבֿענען. א, בּיזן לעצטן גראָשן.

אויסהעקלער — דער, ־ס. 1. ווער עס העקלט אויס. 2. די נאָדל צום העקלען.

אויסהעקער — דער, ־ס. אוקר (שׂדה־לבֿן אאַ ערטער). (בּלעכערײַ) שטיקל שטאָל אויף אויסצוהאַקן לעכער אין בּלעך.

אויסהעקערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געהעקערט. אויספּאַרקויפֿן לאחדים, צו בּאַזונדערע קויפֿערס די גאַנצע (אַ טייל) סחורה. א, די

גאַנצע פּאַרטיע וואָלענע שטאָפּן.

אויסהער

אויסהער — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסהערן.
א, אין געריכט פֿאַר אַן אַמט, א, פֿון עדות.

,

א, פֿון דער צוגעגרייטער דרשה.
אויסהערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסהערן. „דער באַשולדיקטער
פֿאַרלאַנגט אַז בײַ דער א, זאָל זײַן אויך זײַן
אַדוואָקאַט„.
אויסהערן — טרוו. הער אויס, ~גּ הערט.
1. הערן מיט קאָפּ, אויפֿמערקזאַם. „אַ מענטש
קען ניט אויסהערן קיין צוויי זאַכן, אָבער
הקבּ“ה דערהערט אַלע די תּפֿילות מיט איין
מאָל“, לט2, 1/15. „דער חכם הערט אויס
איין עצה„, מס, משלי, יבּ, 15 פֿלעגן מיט
. „...
פֿאַרגעניגן א, זײַנע מיינונגען איבּער בּיכער
און וויסנשאַפֿטן“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
2. הערן בּיזן סוף, אַלץ וואָס מע דערציילט,
וואָס מע האָט צו זאָגן. „און דער אמתער
בּנמלך, וואָס ער האָט געטריבּן בּהמות, האָט

דאָס אַלץ אויסגעהערט וואָס דער דערציילט אים
אַלץ", נחב, מה/ב. „רופּט ער זיי צו: הערטס
נאָר אויס אינגאַנצן, עץ וועט כלעבן פון מײַנע
אמתע ווערטעד טאַנצן", טעיאַטאָר. „'נישטאָ
וואָס צו ריידן, אַ גוטן, — געזעגנט זיך ר,
אָשר, נישט אויסצוהערן רפאלס שמועס ביז
אין סוף אַרײַן„, ממוס, ווינטשפ. *א, וואָס אין
דער קאָרט = א, אַלע טענות, זלזולים.
3. הערן אַ לענגערע צײַט. „איך האָב נאָר
אַ האַלבע שעה צײַט, וויפל איך קאָן — וועל
איך אײַך א'„. „אויב איך זאָל וועלן דערציילן...
די גאַנצע מעשׂה, וועט געדויערן אַ היפּשע צײַט
זי אויסצוהערן„, ממום, 'אַ גרויע האָר'.
4. הערן וואָס מע רעדט פאַר אַ בית־דין,
געריכט, בוררות און בײַם אויסטענהן זיך. „איין
צד טאָר מען ניט א'„; „בײַם משפּט מוז מען
ביידע צדדים א'„, שור־ א, עדות. א, דעם
פּסקדין, אורטייל, באַשלוס אע. „פירט מיך צום
רבין זאָל לעבן אַרײַן, לאָמיך שוין א, מײַן
גזר־דין און פאָרן אַהיים", יד, אבן נגף.
5 פאַרהערן אין קענען, לערנען. „די
לעצ.
טע פופצן מינוט פון דער שעה וועט אַוועקגיין
אויף א'". „נאָר דער רבי האָט אויסגעהערט

מיט אַ שמייכעלע, שווײַגנדיק אַ קרים זיך
גערטאָן, ווי איינער רעדט: ,עט!", ממוס, שלמה.
6. באַטראַכטן אַ קראַנקן, זיך צוהערנדיק
צום אָטעמען, צו דעם קלאַפּן פֿון האַרץ אאַזוו.
,,...האַלטנדיק דאָס קראַנקע ייִדישע פֿאָלק בײַם
דופּק און אויסהערנדיק אים גוט דאָס האַרץ,,,
ממוס, אַ סגולה. ,,נישט דאָס שלאַפֿקייט מײַנס
זאָלט איר א'...וויל איך, איר זאָלט א,
מיך אַליין,,, שע, מאָנאָלאָגן. [פּרגל: אויסהאָרכן.]
אויסהערן זיך — קזוו. ← דפּוו. פֿאַרהערן
זיך קעגנזײַטיק פֿאַרמעסטן זיך אין טענות.
.
אויסהערנערן — טרוו. ־נער אויס, ~
געהערנערט. נעאָל. 1. אויספּוצן מיט הערנער.
2. זײַן אומטרײַ דעם מאַן. ,,זי האָט
אויסגעהערנערט אי דעם מאַן אי דעם געליבטן,,, רייד.
אויסהערעכץ — דאָס, ־ן (־ער). איר וועגן
אַן אויסהער, אויסהעריניש.
אויסהעריניש — דאָס (די), ־ן. אויסהער,
אויסהערונג פֿאַרהער. (מיטן ניואַנס פֿון
געָ.
דויערדיקייט).
אויסהערשן — אוטוו. הערש אויס, ~

הערשט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט הערשן.
א, בלויז מיט טרער.

▯

אויסהפקרן — [...הע'פקערן] אַקוזוו. הפקר
אויס, ~געהפקרט. אויך מיט ז י ך. 1.
הפקרדיק זיך אויפפירן כּסדר, אַ לענגערע צײַט, א אַ
,
וועלט. „אָן אַחריות און אָן אַ משפחה, האָט
ער זיך אויסגעהפקרט ס'גאַנצע לעבן“, רייד.
2. אויפהערן זײַן הפקרדיק. זיך א, און ווערן
אַ בעל־תּשובה.
אויסהקדשן — [...הע'קדעשן] טרוו. הקדש
אויס, ~געהקדשט. אָנמאַכן אַ הקדש,
אויסברודיקן. א, די שטוב, דאָס הויז אע. א, אַלע
שטובן.
אויסהרגענען — [...האַ'רגענען] טרוו. הרגע
אויס, ~געהרגעט. 1. טייטן אַלע(מען), אַ
גרויסע צאָל. אויסמאָרדן, אויסמערדערן. „זענן
די נוצרים אוף גשטאנן די ערשטי נאַכט פון
פסח אונ, הרגנן אוש פיל יהודים“, שי, כ/א.

„די גזלנים האָבן זיך געהרגעט איינס דאָס
אַנדערע, און אַזוי איז עטלעכע מאָל געווען,
ביז זיי זענען אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן„,
נחב, ,מעשׂה מחכם'. „...ווי המן הרשע איז
דערהויבן געוואָרן, ווי אים גלוסט זיך דורך
פֿאַלשע מסירות און בלבולים א אַלע ייִדן„,

,

ממוט, ווינטשפּ. „אַז עס דונערט ווערן
אויסגעהרגעט די שדים“, פּגל. 2. הרגענען, געבן
קלעפּ. „מײַן טאַטע קען א, דײַן טאַטן“, פּוול
צווישן קינדער.
אויסהרגער — [...האַרגער] דער, ־ס. ווער עס
הרגעט אויס. „די א, קומען אַרײַן אין דער
שטאָט, און ווער נאָר עס קען גראָבט זיך
אײַן ווי אַ קראָט„, ליעסין, 'דער וויכוח', 1927.
אויסהרוז(נ, י)ען — טרוו. הרוז(נ, י)ע אויס,
~געהרוז(נ, י)עט. דזוו אויסגרוז(נ, י)ען. „מע
האָט אויסגעהרוזניעט דאָס אָנגעזאָטלטע האַרץ„,
ימ, נײַס, 1923. „מע הרוזעט אויס הײַנט אַ
וואַגאָן הירזש“ סײַמאָן, צווײַגן.
אויסהשתפכותן — [...הישטאַ'פכעסן] טרוו.
(איצ?), ~געהשתפכותט. נעאָל. < השתפכות
הנפֿש. אויסגיסן דאָס האַרץ, איר בײַטעם.

„ניטאָ אויף דער וועלט די גראַמאָפֿאָנען וואָס פֿלעגן א, די גראַמען פֿון אַ בריוועלע דער

,

מאַמען'“, צײַט, געזאַמלטע שריפֿטן I.

אויסוואַגאָנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~ וואַגאָנירט. 1. (סוחריש) אויסלאָדן פֿון וואַגאָנען. 2. אַרויסטרײַבן פֿון וואַגאָנען (בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, גאַליציע). „...האָט אַלע אויסוואַגאָנירט פֿון די ערטער“, מ. לאַנ גערמאַן, די מלחמה, ווין, 1920.

אויסוואָגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוואָגלען. „די א, פֿון די קליינע שטעטלעך האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין די 60ער יאָרן 19. יה“.

אויסוואָגלען — ־גל אויס, ~געוואָגלט. אוטוו — אָנהייבן וואַנדערן; פֿאַרלאָזן דאָס אײַנגעזעסענע אָרט. א, פֿון דער היימשטאָט און זיך לאָזן אין ווײַטן וועג. אַקוזוו — אַרומוואַנדערן, אויסוואַנדערן, אַרומפֿאָרן איבער אַ סך מקומות. א, אַלע מדינות פֿון לאַטײַנאַמעריקע. *א אַ וועלט = וואָגלען איבער אַ

,

גרויסער צאָל לענדער. טרוו — אויסרײַסן

אויסוואָזנ(י)ען

עמעצן פֿון אָרט. ,,זי שילט אים און וואָגלט
אים אויס פֿון וואָרצל,,, ליטוו.

אויסוואָגלער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס □
עמיגראַנט; פּליט; אויסוואַנדערער.

אויסוואַדזגען — טרוו. ־גע אויס, ~
געוואַדזגעט. אוקר. אויסשמירן מיט בּרוד, בּלאָטע.
א אַ ווײַסן האַנטעך.

,

אויסוואודיען — טרוו. ־דיע אויס, ~
געוואודיעט. אוקר. סל. אַרויסשלעפּן פֿון דער
ערד, אַרויסציִען מיט כּוח. ,,מע וועט די
שטיינער בּיסלעכווײַז א, פֿון דעם פֿעלד,,.:□ □ <
□ □ נ □ □ □ נ.

אויסוואוינען — וואוין אויס, ~געוואוינט.
אוטוו — וואוינען אין אַ צאָל ערטער. שוין
אויסגעוואוינט אין אַלע טיילן שטאָט. אַקוזוו
— וואוינען אַ בּאַשטימטע צײַט. א, די פֿולע
צוויי יאָר. א, אַ קאָנטראַקט = דעם טערמין
פֿון קאָנטראַקט.

אויסוואוינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. רואיק,
אומגעשטערט, אויסוואדינען אַ געוויסע צײַט.

זיך א, אויף דער עלטער אין אַן אייגענער
כאַטע.
אויסוואונד(יק)ן — טרוו. וואונד(יק) אויס,
~געוואונד(יק)ט. נע□ל. פֿאַרוואונד(יק)ן אַ צאָל,
פֿאַרשאַפֿן אַ סך וואונדן. א, מיט מעסערשטעך.
א, די הערצער פֿון זײַנע עלטערן.
אויסוואונדערן זיך — אוטוו. וואונדער זיך
אויס, זיך ~געוואונדערט. אָנוואונדערן זיו;
אָנזעטיקן זיך מיט וואונדער; אויפֿהערן זיו
וואונדערן. „דער צדיק האָט זיך □יט געקענט
א'“, י. מאַרגנשטערן, מקדש מלך, וואָרשע, 1881.
אויסוואוקס — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס וואַקסט
אויס. צווײַג, אָפּצווײַג. „...גריבעלעך, אין
וועלכע עס זיצן א'ן פֿון די פֿליגלען„, א. גאָלאָמבּ,
איבּז, בּאָטש, געוויקסן I. „...אויף דעם מין
משׂכּיל וואָס איז געווען אַ מופֿקר, אָ ווילדער
א, וואָס האָט זיך גענומען ווײַזן אויפֿן ,עץ
הדעת, פֿון השׂכּלה„, שנ, דערציילערס און
ראָמאַניסטן I. „איבּעריקס האָט יעדע רעליגיע
אירע סעקטן און אירע א'ן„, קמ, 20 l865, No.
2. אָנוואוקס, געשווילעכץ, געשוויר; (
איבּעריקער) קרענקלעכער אַרויסוואוקס פֿון אָן אבֿר.
אויסוואורף; — דער, ־ן. לר, אוקר. דזוו
אויסוואָרף ←. „שטייט אויס גענוג, זייער פֿיל

פֿון יעדן א, פֿון יעדן כּלבֿ,,, ממוס, 'שם און
,
יפֿת,. ,,מע האָט איר געדאַרפֿט אַרײַנרוקן אַזאַ
א, ווי מײַן 'חיים־טרײַטל'", סמב. [בײַ יעקבֿ
גאָרדין אויך: דאָס וואָס מע וואַרפֿט אַרויס.
,,דעם היגן א, פֿון דער ייִדישער בינע...גרינע
דראַמען און געלע טראַגעדיעס".]

-

אויסוואורסערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אַן אויסוואורף; מיאוסער, שענדלעכער
אַקט. ,,די א, איז אַזאַ שוידערלעכע אַז איר
בלײַבט שטיין געפּלעפֿט,,, חיים ליבערמאַן,
פֿאָר, 1958 I □י 6.
אויסוואָזנ(י)ען, ~וואָזשנען זיך — אוטוו.
־נ(י)ע זיך אויס; זיך ~געוואָזנ(י)עט, ~
געוואָזשנעט. וורר. זיך שטאַרק פֿאַרנעמען,
אָפּגעבן זיך מיט עפּעס. אָפּגעבן זיך מיט אַ צאָל
(זאַכן, ענינים). וואו נאָר עפּעס אַ
פֿאַרדרייעניש, וואָזשנעט ער זיך אויס דערמיט.

אויסוואַזשע(נע)ן

אויסוואַזשע(נע)ן — טרוו. ־זשע אויס, ~
געוואַזשעט. אָדיך מיט ז י ך. וורר. אונטערהעצן;
צוגעבֿן מוט, העזה; אַרויסרופֿן (אויף אַ
פֿאַרמעסט). ,,נו, ער וואַזשעט איַך אויס. וואָס
שוויַגט איר?,,.
אויסוואַטע(ווע, נע)ן — טרוו. וואַטע(ווע)
אויס, ~געוואַטע(ווע)ט. (שניַדעריש)
אויסלייגן, אויסבֿעטן מיט וואַטע. א, די מאַנטעלעך.
אויסוואָי — דער, ־ען. פּלוצעמדיקער,
מיטאַמאָליקער וואָי (פֿון אַ חיה, פֿון ווינט).
אויסוואָיעווען — ־יעווע אויס, ~געוואָיעוועט.
אָנטוו — אַ לענגערע ציַט וואָיעווען, שלאָגן
זיך, זיַן ווילד. ,,וואָס דער יונג וואָיעוועט
אויס אין איין טאָג!,,. טרוו — דערגרייכן
עפּעס דורך וואָיעווען; אויסקעמפֿן (
געווייַנטלעך איר). א, אַ קליינע הנחה.
אויסוואָיעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
ווילד זיַן, וואָיעווען און אויפֿהערן. זיך
אויסלעבֿן דורך שלאָגן זיך, טומלען. ,,די קינדער
וועלן זיך א, און נאָך ווערן ליַיט“.
אויסוואָיען — טרוו. ־יע אויס, ~געוואָיעט.
דורך קלאַנגען, ענלעכע צו אַ וואָי,
אַרויסבֿרענגען ווייטיק, טרויעריקע געפֿילן,
בענקשאַפֿט. ליגן אין געהאַקטע וואונדן און א,

פײַן. „ווערסט א, אַן אַנדערש מאָל דײַן הינטיש
ציִען זיך צום גאַסנווײַב“, מלה, 'ווינט און
רעגנבײַטש'. אויך אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן
וואָיען. „אַ הונט וואָיעט אויס אין מיטן נאַכט“.
אויסוואָיען זיך — אוטוו. ← דפּוו. וואָיען
און אויפֿהערן. „דער הונט האָט זיך
אויסגעוואָיעט און לעקט זײַן וואונד“.
אויסוואַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסוואַכן.
אויסוואַכן — וואַך אויס, ~געוואַכט. אוטוו
— זײַן וואַך, ניט שלאָפֿן אַ לענגערע צײַט.
„מיר האָבן אויסגעוואַכט די גאַנצע נאַכט“.
טרוו — 1. היטן ביזן סוף, פֿאַרהיטן. „זאָל
אונדז זײַן ליבער נאָמען א, פֿון אַלדאָס בייז“.
2. היטן פֿון אַ צאָל (סכּנות). „מיר האָבן
דאָס קינד אויסגעוואַכט פֿון אַלע אַקציעס,
אָבער פֿון אַ טיפֿוס האָבן מיר ניט געקענט
א,“, רייד.
אויסוואַכעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע) אויסוואַכונג. „אויך מיר אַן א'! זיי
זיצן און שפּילן אין קאָרטן אַ גאַנצע נאַכט!“.
אויסוואַל — דער, ־ן. 1. מעגלעכקייט
אויסצוקלײַבן, ברירה. האָבן אַן א'. דער א, ליגט
ניט אין אונדזערע הענט. 2. אַקט פֿון

אויסקלײַבן, אויסקלײַב. מאַכן אַן א.. 3. רעזולטאַט פֿון אָפּקלײַבן, זאַך וואָס ווערט אויסגעקליבן. (ניט־)געראָטענער א'. 4. רעזולטאַט פֿון אויסוויילן (בײַ וואַלן). „דער א, איז לטובֿת אונדזער פּאַרטיי“. 5. סכום זאַכן וואָס איז פֿאַראַן אויף אויסצוקלײַבן עפּעס פֿון זיי. אַ גרויסער א, מיט סחורה.

אויסוואַלגערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געוואַלגערט. 1. דזוו אויסוועלגערן ←. א, טייג, א, לאָקשן. 2. אויסקײַקלען אין עפּעס (שניי, אַש, בּרוד אאַ). *א, אין בלאָטע = אויך: אויסזידלען, שטאַרק בּאַריידן, בּאַשולדיקן אין מיאוסע זאַכן. [מיט דעם בּ א, אָפּטער ווי אויסוועלגערן].

אויסוואַלגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַרומוואָגלען, אין שלעכטע בּאַדינגונגען לעבּן אין אַ צאָל ערטער. „איך האָבּ זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלערליי שטעטלעך, אויסגעשטאַנען וואָס סע קען נאָר אויסשטיין אַן עלנטער, פֿאַרוואָרלאָזטער יתום“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. *זיך א, אַ וועלט = אין זייער אַ סך ערטער.

אויסוואַלדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוואַלדן. „א, פֿון אַ געגנט קען ברענגען דערצו אַז אַפֿילו דער קלימאַט זאָל זיך בײַטן“.

אויסוואַלדן — טרוו. וואַלד אויס, ~געוואַלדט. 1 פֿאַרפֿלאַנצן (מיט) וואַלד. א אַ נאַקעטן

. ,

באַרג. 2. אויסהאַקן, צעשטערן וואַלד, אַנטוועלדערן. א, די געגנט צו האָבן מער פּאַשע.

אויסוואַליאַיע(נע)ן זיך — אוטוו. ־יע זיך אויס, זיך ~(גע)וואַליאַיעט. רוסיצ. אויסוואַלגערן זיך, אַרומשלעפּן זיך. א, זיך אין אַלע בלאָטעס.

אויסוואַליען — טרוו. ־ליע אויס, ~ געוואַליעט. סל. אויסקײַקלען; אַרויסוואַרפֿן איבערקערנדיק. א, זאַכן פֿון פֿעסלעך. *א, אַ פּאָר באָלעכעס (קוקערס) = אויסשטאַרצן די אויגן (מיט ביטול).

אויסוואַלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוואַלצן I.

אויסוואַלצן 1 — טרוו. וואָלץ אויס, ~ געוואַלצט. 1. אַרײַנשטעלן וואַלצן. „מע דאַרף די מאַשין א, פֿונדאָסנײַ“. 2. ▯אַאַרבעטן עפּעס מיט וואַלצן. ← אויסוואַלקן. „דעם שטאָף דאַרף מען

פֿריִער א, און דערנאָך פֿאַרבן“. 3. דרעשן
מיט אַ וואַלץ. א, די תּבֿואה.
אויסוואַלצן 11 — אַקוזוו. ← דפֿוו. אויסטאַנצן
אַ וואַלץ (וואַלס). א, דעם לעצטן וואַלץ.
אויסוואַלקן — טרוו. וואַלק אויס, ~
געוואַלקט. (גאַרבערײַ) אויספֿורעמען לעדער אין
קײַלעכדיקע אײבערשטע טײלן פֿון שטיוול
(אויף אַ הילצערנער פֿאָרעם, פֿאַרן פֿאַרבן). א,
(שפּיגל)לעדער. א, יוכט. פֿרגל: אויפֿוואַלקעווען.
אויסוואַלק(עווע, ענע)ן — טרוו. וואַלק(ע,
עווע) אויס, ~געוואַלק(ע, ־ווע)ט. דורכלאָזן
שטאָף (וואָל, פֿילץ, היימיש געמאַכטן לײַוונט)
דורך וואַלקעס (וואַלצן), עס זאָל ווערן
געפּרעסטער.
אויסוואָלק(ע)נען —. טרוו. ־קן אויס, ~
געוואָלקנט. באַדעקן מיט וואָלקנס. „ווען ס'
זײַנען פֿאַראַן וואָלקנס, קען מען שאַפֿן אַ
קינסטלעכן רעגן, אָבער מע קען נאָך דערווײַל ניט
א, דעם הימל„.
אויסוואָלק(ע)נען זיך — ← דפֿוו. 1. (פֿון
זיך) באַדעקן זיך מיט וואָלקנס, זיך
פֿאַרכמאַרען. דער הימל וואָלקנט זיך אויס. 2. קריגן
אַ טרויעריקן אויסדרוק. „דאָס פּנים (דער
שטערן) האָט פּלוצעם זיך אויסגעוואָלקנט„.

אויסוואַנדלען — אוטוו. ־דל אויס, ~
געוואַנדלט. פּד. אויסוואָנדערן, אַרומגיין,
אַרויסגיין. „פּרנסה איז געשלאָגן, מע וועט מוזן א„,.
אויסוואַנדלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
פּד. אויסוואַנדערער, עמיגראַנט. „אַ גאַנצע
מחנה אויסוואַנדלער וועלכע זענען געלעגן......„
אַש.
אויסוואַנדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

אויסוואַקסן

רעזולטאַט פֿון אויסוואַנדערן. עמיגראַציע.
אויסוואָגלונג. „ייִדישע א, פֿון...שטעלט זיך
גאָרניט אָפּ“.
אויסוואַנדערן — ־ער אויס, ~געוואַנדערט.
אוטוו — אַוועקציִען, איבערקלײַבן זיך פֿון איין
(אייגענעם) לאַנד אין אַן אַנדער (פֿרעמד) לאַנד.
„ווער האָט דאָס גאָר געקענט גלייבו אַז דער
ייִד וואָס האָט אַזוי ליב זײַן ווינקל זאָל זײַן
אין שטאַנד אויסצוּוואַנדערן“, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. אַקוזוו — אויספֿאָרן אַ צאָל
לענדער. „אויסגעוואַנדערט אַלע לענדער, און
אַהיים געקומען (אָן הויזן און) אָן העמדער„,
שוו. *א אַ וועלט = וואַנדערן איבער אַ סך

לענדער.
אויסוואַנדערניש — דאָס (די), ־ן.
אויסוואַנדערונג (געדויערדיקע, מאַסנדיקע). „אַ בהלה, אַ לויפֿעניש, אַן א׳״.
אויסוואַנדערער — דער, ־ס. [אויך: פֿאַר וו]. ווער עס וואַנדערט אויס, עמיגראַנט.
אויסוואַנדרעווען — אַקוזוו. ־רעווע אויס, ~געוואַנדרעוועט. אוקר. אויסוואַנדערן, פֿטמ. „...גאָר גרינג אויף דער העכסטער מדרגה אין הימל אַרײַנקומען און דאָרט א, אַלע היכלות״, ׳גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. „...מעשׂיות פֿון מלאָכים און אליה הנבֿיא, גאָטס משולחים, וואָס וואַנדרעווען אויס וואו די וועלט האָט גאָר אַן עק״, ממוס, ווינטשפֿ.
אויסוואָנכען — טרוו. ־כע אויס, ~ געוואָנכעט. פּר. אויסשמעקן, אויסניוכען, אויסשפּירן. א, ווי אַ הונט. א, מיט דער (לאַנגער) נאָז. ־
אויסוואָסענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוואָפֿענען. א, פֿון די אַליאירטע. —
אויסוואָסענען — טרוו. ־פֿן אויס, ~געוואָפֿנט. 1. שטאַרק באַוואָפֿענען, געבן פֿאַרשיידענע

וואָפּנס. געבן וואָפּנס צו אַ צאָל. א, מיט אַלע
כּלי־משחית. א, אַלע מענער. 2. אויפֿהערן
באַוואָפֿענען; אָפּשאַפֿן באַוואָפֿענונג.
אויסוואַצקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געוואַצקעט. דזוו אויסוואַדזגען ←.
אויסוואַקס — דער, ־ן. ← אויסוואוקס.
1. אַרויסוואַקס, אויסשפּראָץ, אַרויסשפּראָץ.
„דערוויַל זעט זיך ניט קיין בּרעקל א"". „מאַכן
רעגענען אויף אַ לאַנד...און מאַכן שפּראָצן אַן
א, פֿון גראָז„, תּי, איובֿ, לח, 27. 2. אַקט פֿון
גרעסער ווערן. א, פֿון קאַפּיטאַל.
אויסוואַקסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסוואַקסן. היסטאָרישער אָדער
לאָגישער פּועל־יוצא פֿון אַ באַוועגונג אָדער אַ
שיטה פֿון נאַציאָנאַליזם קענען אַרויסקומען

.„
ווילדע א'ען„.
אויסוואַקסן — אוטוו. וואַקס אויס; האָבֿ &
בּין ~געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. וואַקסן בּיז
צײַטיק ווערן. „אַן אוגערקע אַזעלכע וואָס
וואַקסט אויס סוף זומער, בּשעת אויף גאָטס
וועלטל רוקט זיך אָן דער גלות פֿונעם
ווינטער", ממוס, ,אַ שטאָט אין מזרח'. „ער איז
געווען אַזוי אָרעם אַז יידן פֿלעגן אים געבן

געלט נאָך איידער די תּבֿואה פֿלעגט א'"', פּ ו.

2. אַרויסוואַקסן (אַ שפּראָצל פֿון אַ קערנדל, אַ צווײַג פֿון אַ שטאַם, קערנער פֿון אַ זאַנג

אויסוואַקסן

אדגל). ,,עס איז אָסור [שבת] צו גיסן וואשר אויף איין זאמן דש דר אויש וואַקסט, מכּל שכּן אויף קיין קאָרן אודר ווייטץ אודר האבר, דז איז אָסור,,, לט1, 2/80. ,,און אַזוי ווי פֿון אייו קאָרן וואַקסן אויס פֿיל קאָרנס, אַזוי אויך פֿאַר איין שילינגער צדקה ווערט מען געבענטשט מיט אלפֿי אַלפֿים", לט2, 1/36. *ווען דאָ (אויף דער דלאָניע) וועט א, האָר (פּירעשקעס, קרעפּלעך) = קיינמאָל ניט, אוממעגלעך. *אַ נײַע פֿעל וואַקסט אויס = (וועגן באָשעפֿענישן) ווערט געזינטעד, שטאַרקער. ,,מײַן פֿערדל איז געוואָרן גאָרנישט וואָס פֿריִער, אַ נײַע פֿעל איז אויף דעם אויסגעוואָקסן", שע, טביה. אויף פֿיג אַ געדאַנק קען אומגעריכט א'. ,,אָט אַזוי איז דאָ אין שׂכל געוויסע סבֿרות וואָס וואַקסן אויס פֿון זיך אַליין", לדבּ.

3. עלטער ווערן (ביז ווערן פֿוליעריק). ,,די וועלט פֿלעגט זאָגן: הלוואַי סע זאָל א',

וואָרן אַזוי אַ ווילד חידוש איז שווער אַז עס
זאָל א,,,, נחבֿ, לג/א. ,,ניט דערגעסן, ניט
דערשלאָפֿן, בֿיז גאָט האָט געהאָלפֿן, זי איז
אויסגעוואָקסן“, ממוס, ווינטשפֿ. (קללה) ניט א,
זאָל ער = זאָל ער שטאַרבן קליינערהייט.

4. העכער ווערן. א, מיט אַ קאָפּ העכער.
אויך פֿיג: זיך גיך אַנטוויקלען. ,,מיט יעדן טאָג
וואַקסט אויס דער נײַער בנין“. 5. גרעסער
ווערן. דער המון (דאָס געזעמל, דאָס פֿאָלק, די
אַרמיי אאַזוו) וועט א'. די חוצפּה (העזה,
הכנעה, מרידה אאַזוו) איז אויסגעוואַקסן. ,,איז
די שטאָט אין משך פֿון אַ געוויסער צײַט דאָך
שטאַרק אויסגעוואַקסן,,, נס. ,,די תּאווה פֿון
חניפֿה פֿון צבֿיעות וואַקסט אויס אַזוי גרויס,
אַז...“, ממוס, שלמה.

6. זיך אַנטוויקלען, אַרויסקומען ווי אַ
רעזולטאַט פֿון וואַקסן פֿון אים (איר, זיי) וועט
א אַ (גאָון, גאָרנישט אאַזוו). *וויי וואָס וועט
פֿון אים א'! — אויסדרוק פֿון שרעק אַז ער
וועט א, אַ שלעכטער. ,,פֿון בנימינען וואָלט
מיט דער צײַט אויסגעוואַקסן אַ וואַסערפֿירער

אָדער, ווען פֿיל, אַ בעל־עגלה“, ממוס, מסעות.
„עפּעס האָט זיך געפֿונען אַ מחותּנישאַפֿט
צווישן זייערע נשמות און אַ מין פֿאָרגעפֿיל
אַז עפּעס וועט פֿון זיי אַמאָל א'„, שע פֿונעם
,
יאַריד. דער מענטש (דער דור, דאָס פֿאָלק) איז
אויסגעוואַקסן. „פֿון אַ קליין ישיבֿה איז
אויסגעוואַקסן אַ ישיבֿה...מיט נדרים ונדבֿות אָן
אַ שיעור“, קמ, 21 No. ,1868. „נאָר אין אַן
אינערלעכן גײַסטיקן א', וואַקסן אויך אויס
די דערגרייכונגען“, ייִט, פּוילן .
7. אויפֿהאָדעווען זיך. א, אויף טרוקענעם
ברויט, אין נויט, דחקות אאַ. א, אויף
מאַרציפּאַנעס, הינערשע ייַכלעך, אין לוקסוס פֿריידן
,
אאַ. „אויסגעוואָקסן זענט איר אויף גרויס
ראָסקאָש“, שע. „דעריבער טאַקע איז [ער]
אויסגעוואַקסן אָן תּורה, אָן ייִדישקייט“, ממוס, אַ
,
גרויע האָר'.
8. באַווײַזן זיך, אַרויסקומען אומגעריכט.
*א, (ווי) פֿון העלער הויט = באַווײַזן זיך גאַנץ
אומגעריכט. א, ווי פֿון אונטער דער ערד.

„וואו מע זייט אים ניט — דאָרטן וואַקסט ער אויס“, פֿוול. (ווש מיט ב 2). “ווי ער גייט מיט האָפֿענונג אין מאַרק אַרום, דאָרט וואַקסט אליהו

הנבֿיא אויס אויפֿן אָרט“, ממוס, זמירות. „און אויף אָסיפּס הויז איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ גרויסע טאַבּליצע מיט גילדענע אותיות„, שע. „דער בחור...איז אויסגעוואַקסן פֿאַר זייערע אויגן און פֿאַרשטעלט דעם וועג„, אָפּאַ, היבּרו. „אויף איינמאָל אויסגעוואָקסן אַ וואָגן פֿריש־געקאָסעט היי“, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט.

9. איבּערוואַקסן, אַריבּערוואַקסן (ווען בגדים ווערן קליין ווײַל זייער טרעגער איז אויסגעוואַקסן). א, פֿון די קליידער, בגדים, מלבושים. *א, פֿון די קינדערשע הײַזעלעך = ווערן גרויס, אַ דערוואַקסענער. נישקשה, ער וועט א, דערפֿון = ער וועט עס גובֿר זײַן מיט דער צײַט. א, פֿון אַ שלעכטער מידה.

1o. גיך אויפֿגעבּויט (אויפֿגעשטעלט, אַוועקגעלייגט) ווערן. „אַ וואַנט וואַקסט אויס אין איין טאָג„. „עס וואַקסן הײַזער אויס ווי ריזן און וואַרפֿן שאָטנס“, סעג, פּאָעמען. „מע האָט ניט באַמערקט, ווען איז אויסגעוואַקסן אויפֿן

טיש דער שניי־ווײַסער...טישטעך", בערג, נאָך אַלעמען.
אויסוואַקסן 1 — טרוו. וואַקס אויס, האָב ~געוואַקסן (~געוואָקסן). פּטמ. מאַכן עס זאָל אויסוואַקסן; פֿאַרזייען, אַרויסברענגען. „דאָ פֿאַרן הויז וועל איך א, גראָז". „איין שטאַנג פּאַפּשוי וואַקסט אויס אַפּשר טויזנט פּאַפּשויעלעך„. "אין ספּעקט וואַקסט ער אויס פּאָמידאָרן אַ פּאָר מאָל אַ יאָר".
אויסוואַקסן 11 — טרוו. וואַקס אויס, ~ געוואַקסט. דזוו אויסוועקסן ←.
אויסוואַקסן זיך ▫ אוטוו. וואַקס זיך אויס, זיך ~געוואַקסן (~געוואָקסן). פּטמ.
אויסוואַקסן פֿון זיך, אָן מי. וואַקסן און אויפֿהערן. „דער יתום איז זיך אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקער און געזונטער יונג„. „דער קאָרן איז זיך שוין אויסגעוואַקסן, אָבער די רעגנס לאָזן ניט שנײַדן".
אויסוואַקסעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסוואַקסונג (גיכע, געראָטענע). „זע — סאַראַ א, אויף די פֿעלדער!"
אויסוואַראָזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~(גע)־וואַראָזשעט. אוקר. סל. אויסלייגן, פּותר זײַן. אויסכּישופֿן. "מקען אויס דיא וואָלקינס

ניט מעהר אויס וואַראָשזן נאָר אַז אַרעגין וועט
גיין“, מס, פירוש צו קהלת, תקע“ט, יא, 3.
אויסוואַרגונג, ~וואַרגן, ~וואַרגעניש
— דזוו אויסווערגונג ←, ~אויסווערגן ←,
אויסווערגעניש ←. [ניט בלויז וואו
דיאַלעקטיש קומט [אַ] פֿאַר [ר], נאָר אויך אין לר].
אויסוואַרגענען — טרוו. ־גע אויס, ~
געוואַרגעט. לר. vargas: □ □ □ <. אויך מיט
ז י ך. אויסמאַטערן; פֿאַרשאַפֿן זאָרגן, ליידן.
„די קינדער, זאָלן געזונט זײַן, וואַרגענען איר
אויס„, רייד.
אויסוואַרטונג — די, ־ען. פּראָצעס און
רעזולטאַט פֿון אויסוואַרטן. „אין אַ דראַמע קען
די א, פֿאַרן ריידן מאַכן נאָך אַ שטאַרקערן
אײַנדרוק ווי די רייד גופֿא“.
אויסוואַרטן — אוטוו. וואַרט אויס, ~
געוואַרט. 1. וואַרטן ביזן סוף. א, ביז נאָך
קידוש, ביז (נאָך) הבֿדלה אאַ. א, אויף גליקן,

אויסוואַרעמען

אויפֿן מזל אאַ. „זאָלסט קענען אויס וואַרטן
אויף איבערלייגונג, דײַנע ליפּן באַוואָרינין
מיט גניטשאַפֿט“, מס, משלי, ה, 2. 2. וואַרטן

אַן אומבאַשטימטע צײַט, אַ ביסל. „הייש אים
אויז וואַרטן מיט אלן דינגן“, בבֿא־בוך, 9.
„אזונדיגיר טוט בייז אַסך אין מוואַרט אים
אויס“, מס, קהלת, תּקע„ט, ח, 12. 3.
ספּעקולירן, אָפּלייגן אַ געשעפֿט. „וואַרט אויס מיט
די פֿראַנקען, דער קורס קען ווערו אַ
בעסערער“. 4. האָבן געדולד, איבערוואַרטן. “האַלט
אײַן זייער אומגעדולד אַז זיי זאָלן א, ביז איך
וועל זיי לכתּחילה ניט דערצאָלן...„, ממום,
'צוריק אַהיים'. 5. אַרכ. אָפּהיטן, אויסהיטן
(פֿרגל אויסוואַרטעווען). „ער...גאַר וואַל קונט...
זיא אויז וואַרטן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.
אויסוואַרטן זיך — אוטוו. → דפֿוו.
דערוואַרטן זיך, דערגרייכן דורכן וואַרטן. „דאַכט
זיך ווי עפּעס טריט. האַ? געלויבט איז גאָט!
פֿאָרט אויף שׂמחהן זיך אויסגעוואַרט“, ממוס,
פֿרינייוו.
אויסוואַרטעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען, וואָס לאָזט זיך אויסוואַרטן. א'ע און
ניטא'ע גליקן.
אויסוואַרטעוודיקייט — די (דאָס). מצ נב.
נעאָל. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסוואַרטעיודיק. „...אין צאַפּלדיקער א, עד ביאת
המשיח“, יג, תּוך.

אויסוואַרטעווען — ־טעווע אויס, ~
געוואַרטעוועט. אוטוו — שטיין אויף דער וואַך אַ
באַשטימטע צײַט. א אַ גאַנצע נאַכט. טרוו —

,

אויסהיטן, אָפּהיטן. א, דעם סאָד, דעם גאָרטן.
א אַ קראַנקן.

,

אויסוואָרטען —. טרוו. ־טע אויס, ~
געוואָרטעט. אוקר. סל. אויך מיט ז י ך. 1.
אַרויסציִען, אַרויסשלעפּן (ווילדגראָזן, דערנער,
שטיינער). 2. אויסרײַסן מיטן וואָרצל (געפֿילן,
אײַנשטעלונגען). "דו דאַרפֿסט זיך אײַנהאַלטן,
א, דעם כּעס און דעם פֿאַראיבּל,,.
אויסוואַרטעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, מאַסנדיקע) אויסוואַרטונג. ,,דאָס צימער
איז פֿול מיט קראַנקע, עס איז די אמתע א,
אויפֿן דאָקטער".
אויסוואָרטשע(נע)ן — טרוו. ־טשע אויס,
~געוואָרטשעט. 1. אַרויסזאָגן עפּעס
אומ. אויסדריקן אומצופֿרידנקייט, ווייטיק. א,
לאָר, שטיל, מיט הפּסקות. ← אויסבּורטשען.

אַ טענה.
אויסוואָרטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

וואָרטשען און אויפֿהערן; זיך גרינגער מאַכן
דורכן באַקלאָגן זיך. ‟ווען די מאַמע האָט
געלעבט איז כאָטש געווען פֿאַר וועמען זיך א,
צײטנווײז“, בריוו.
אויסוואַרעם — דער. מצ נב. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסוואַרעמען. „א, פֿון אייער“,
יא .
אויסוואַרעמען — טרוו. ־עם אויס, ~
געוואַרעמט. אָפּט מיט ז יך. 1. וואַרעם מאַכן
ביז צו דער נייטיקער מדרגה. א, אַן אויוון, אַ
רובע אע. „אַז מע וועט פֿאַר אים פֿריִער א,
די בעט, וועט ער זיך לייגן„, פֿוול וועגן איינעם
וואָס אַליין טוט ער גאָרניט. *א, אייער =
אויסזיצן אייער. 2. האַלטן וואַרעם,

אויפֿאויסוואָר(ע)נען

היטן וואַרעמקייט. א, דעם טשאָלנט, די
וועטשערע אאַזוו. „...אויסגעוואַרעמט...אַ גרויסן
טייל פֿון די טראַדיציעס, אויף וועלכע די
ייִדישע דערציילונגס־קוגסט האַלט זיך נאָך
עדהיום„, שנ, דערציילעדס און ראָמאַניסטן I.
3. טײער האַלטן אין די געדאַנקען,
אויסחלומען. „נישט שוין זשע איז דאָס ער? אָט

דער וואָס זי האָט אים אויסגעוואַרעמט אין
אירע געדאַנקען“, שע, בלאָנדזענדע שטערן.
4. אָפּהיטן אַ פּאָזיציע, געדולדיק שטרעבן
צו עפּעס. א, אַ (ד) שטעל(ע) = א) וואַרטן
אויף אַ וואַקאַנסיע צו קריגן אַ פּאָסטן; ב)
האָבן די שטעל און זי אויפֿהיטן. „מיט
געדולד פֿון אַ קוואָקע אויף אייער, וואַרעמט ער
זיך אויס אַ העכערונג„. 5. חנפֿענען,
אונטערקו פֿן. „ער האָט נאָך ניט געפֿרעגט בײַ
איר צי זי וויל זײַן זײַן ווײַב, דערווײַל
וואַרעמט ער אויס איר מוטער און אירע ברידער“,
רייד.
אויסוואָר(ע)נען — טרוו. וואָרן אויס, ~
געוואָרנט. 1. וואָרענען וועגן אַ צאָל ענינים
אָדער אַ צאָל מענטשן. א, די אַרבעטער אַז
מע וועט אַראָפּנעמען אַ שעה שׂכירות פֿאַר...
2. שטרענג וואָרענען, מתרה זײַן מיט אַלע
פּרטים. „אונדזערע חכמים האָבן געוואָרנט און
אויסגעוואָרנט אַז וואָס עס איז מדרבנן דאַרף
אָפּגעהיט ווערן ווי מדאוריתא“.
אויסוואָר(ע)נען זיך — ← דפֿוו. רעפֿל.
אויך: זיך באַשיצן, זיך פֿאַרזיכערן. „...איז
אויך אוממעגלעך אַז אַן אשה זאָל זיך קאָנען
א„, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו, תּקצ„ח.

אויסוואַרף[— דער, ־ן. אַקט פֿון אויסוואַרפֿן.
,,מע האָט אָפּגעלייגט דעם א, [= ציאונג] פֿון
דער מלוכה־לאָטעריי".. ,,זי האָט אויסגעלערנט
זיך אויסטײַטשן יעדן א, פֿון קאָרטן"..
אויסוואָרף — דער, ־ן. פּפֿ: ~וואורף.
1. דזוו אויסוואַרף ←. 2. אַנטימאָראַלישער
מענטש פֿאַרדאָרבענער (דה דער וואָס דאַרף

,

אַרויסגעוואָרפֿן ווערן פֿון דער געזעלשאַפֿט).
א, פֿון דער נאַטור, פֿון דער מוטערס בויך; אַ
פּאָדלעץ, אַן א..

▯

אויסוואַרסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסוואַרפֿן. ,,ס'איז געווען ניט
קיין ערלעכע א, פֿון גורל. מע דאַרף
איבערוואַרפֿן"..
אויסוואַרפֿלינג — דער, ־ען. דזוו
אויסווערפֿלינג ←. [אופֿן אַרויסריידן אין קרוין־פּוילן,
מעג].

-

אויסוואַרסן — טרוו. וואַרף אויס, ~
געוואָרפֿן. 1. אויפֿוואַרפֿן פֿירהאַלטן, אויסריידן,

באַשולדיקן. „און דער וואָס שטראָפֿט אַ רשע, וואַרפֿט אים אויס דער רשע אַלע מומים וואָס געפֿינט זיך אין אים זעלבסט„, לט2, 22. „הײַנט האָבן זיי געפּײַניקט מיך נאָך מער, אויסוואַרפֿנדיק מיר אַ מעשׂה מיט בלוט אין די מצות“, ממוס, 'אַ גרויע האָר,. “מע וואַרפֿט מיר אויס אַז מײַן קרובֿה גייט אין די אייגענע האָר“, שע, 'גענדז'. 2. אויסמישן, אויסטאַלירן, אויסטיילן. טרעפֿן (דעם גורל) על־פּי דעם ווי געוויסע זאַכן לייגן זיך אויס (קאָרטן אאַ). „גלייבן אין קאָרטן א, און אין וואָרזאָגערינען“, אמד, שוואַרצער האָן, ווילנע תּרל“א.

„איבערגעקערט אַ טשעמאָדאַן, אַוועקגעשטעלט צווישן די פֿיס — מע וואַרפֿט אויס קאָרטן“, שע. *א, גורל = באַשטימען עפּעס (ווער עס איז דער שולדיקער, ווער דאַרף צאָלן, עפּעס טאָן אאַ) לויט קאָרטן, צעטעלעך, בײנדלעך אאַ. 3. אויסשטעלן, צונויפֿשטעלן. א, אַ רעכענונג, חשבון, מאָנענישן [מיטן בײַטעם אַז ניט אַלץ איז דאָ ריכטיק]. „איז די רעכענונג

וואָס איר האָט דאָ מיר אויסגעוואָרפֿן טאַקע אַ
חשבּון צדק?“
4. אַרויסוואַרפֿן. צעוואַרפֿן, צעשיטן. פּד.
,,צוזאַמענקלײַבן אַלע פּאַפּירלעך און צעטעלעך
און שוין א'!“, רייד. ,,דאָש ים האָט אויז
גווארפֿין דאש פּפֿערד מיט דעם רייטער,,, □tה II.
,,וואָס דאָס ים־הגדול האָט אויסגעוואָרפֿן!,,,
מיִ, טענדלאַו 581 [= כּלערליי אָפּפֿאַל, אַ סך
מיסט]. 5. אַרכ. אַרויסלאָזן. ,,שׂונאי ישׂראל
זולכש קול [= קלאַנג] האָבין אויז גווארפֿין
כּדי להבֿאיש,,, כּ״י וועגן מעצער עלילת־דם,
1669 נפֿש 6 .[III. אויסשפּײַען, אויסכראַקען.
,,ווען איינר זער אויז ווערפֿט אין הושטין...“,
סור, כא.

-

אויסוואַרסעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסוואַרפֿונג. איר וועגן שלעכטן אויסוואַרפֿן קאָרטן.
דאָס פֿירוואַרפֿן, דאָס אויפֿוואַרפֿן.
אויסוואַרפֿערײַ — דאָס & די, ־ען. 1.
טואונג אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוואַרפֿן. אַן א,
פֿון בלעטלעך אויף אַ פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג.

2. פּראָפֿעסיע פֿון אויסוואַרפֿן (קאָרטן). זיך פֿאַרנעמען מיט א'.

אויסוואַרפֿערקע — די, ־ס. ווער עס וואַרפֿט אויס קאָרטן (פֿאָרויסצוזאָגן וואָס וועט געשען, אויסצוגעפֿינען פֿאַרבאָרגנס). אַ ציגײַנערקע אַן א,.

אויסוואָרצלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוואָרצלען. „די אַנטיסעמיטן ווילן דורכפֿירן אַן ענדגילטיקע א, פֿון ייִדן“. „...אַ שאַרפֿער שניט אין ווועלטס באַשאַפֿן, אָן א, פֿון יעדן מין געבאָט“, סעג, איצטער.

אויסוואָרצלען — טרוו. ־צל אויס, ~ געוואָרצלט. אויך מיט ז י ך. 1. אויסרײַסן, אַרויסרײַסן מיט די וואָרצלען. א, דערנער, ווילדגראָזן. א, רשעים, שלעכטס. מלל פֿאַרטײַטשט 'ועקרון תעקר, (צפֿניה, ב, 4): „אויש וואָרצלין“. „אָבער ער...שיסט דיך מיט זײַנע פֿײַלן וואָס זיי טייטן, ער זאָל דיך א, פֿון דעם לעבעדיקן לאַנד“, חה, ב/9. „האָט מיט שטורעם אויסגעוואָרצלט אַ סך האָר פֿון זײַן בערדל“, ממוס, מסעות. 2. אויסרייניקן פֿון וואָרצלען. א, אַ פֿעלד. אויסהאַקן דעם וואַלד און א, די עטלעכע אַקער לאַנד. 3. פֿאַרטרײַבן פֿון אַן אײַנגעזעסן אָרט פֿון אייגן לאַנד. „דו

ָ
האָסט אונדז אויסגעוואָרצלט פֿון אונדזער נחלה
און ניט פֿאַרוואָרצלט אין קיין שום אַנדער
לאַנד". *ניט אויסצוּוואָרצלען = ניט צו רירן
פֿון אָרט, ניט פּטור צו ווערן. מעטאָנימיש.
ליקווידירן, אָפּשאַפֿן אע. „דאַרף מען [דעם
אָרעמאַן] געבן...אויף קרעפּֿטיקע עסנס; מיט
דאָס אַלעס קען מען אָבער די ע .ות פֿון אים
ניט א'", פּלאי, המדבר בצדקה, וואַרשע תרנ„ב.
„די אַלע פֿעלערן קען מען גאַנץ לײַכט א'",

אויסוויאַנען

א. מ. קלאַפּ, אַ וואָלף אין אַ שעפּסנפֿעל,
וואַרשע 1899.
אויסוואָרצלען זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.
אויך: זיך ניט פֿילן מער היימיש; ליקווידירן
געשעפֿט, איבעררײַסן באַציאונגען מיט נאָענטע.
„צײַט ס'ווײַב איז אים געשטאָרבן, האָט ער
אָנגעהויבן אויסצוּוואָרצלען זיך", אָפּאַ, '
אויסגעוואָרצלט'. 2. אוטוו — ווערן וואַקלדיק,
ווי אָן וואָרצלען. „די ציינער האָבן זיך אַזוי
ווי אויסגעוואָרצלט", הל, 'דאָס קראַנקע צימער'.
אויסוואָרקע(נע)ן — ־קע אויס, ~

געוואָרקעט. אוטוו — אַרויסגעבֿן קלאַנגען פֿון (ווי) אַ
טויבֿ. טרוו — 1. אויסדריקן עפּעס מיט אָט די
קלאַנגען. א, ליבֿשאַפֿט, געטרײַשאַפֿט אאַ. א,
אומעט, צער. „די אַלטיטשקע וואָרקעט אויס
איר עלנט„. „אויפֿן פּיצל בֿוועם וואָרקען
טויבֿן, וואָרקען אויס מײַן פּנים“, סוצ, סיבֿיר.
2. אויסבֿרומען פֿאַר זיך אין דער שטיל. א,
אַ ניגון.
אויסוואָרקע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
וואָרקען און אויפֿהערן; זיך באַפֿרידיקן דורכן
אויסוואָרקען עפּעס. זיך א, און זיך נעמען
ווידער צו אַ קאַפּיטעלע תּהילים.
אויסוואַשן — טרוו. וואַש אויס, ~געוואַשן.
אָפֿט מיט ז י ך. 1. פֿאַרענדיקן וואַשן. א, אַלע
כּלים, דאָס גאַנצע גרעט. „דינגען אַ שיקסע
אויסצוּוואַשן די פּאָדלאָגעס אָדער א, די גרעט„,
דטש, ז.וקאָר. 2. גוט, ריין וואַשן. א, עס זאָל
בלאַנקען. “אויסגעוואַשן די שיסל און
ווײַטער באָרשט„, שוו [= ווידער דאָס אייגענע,
די זעלבֿיקע מאכלים, אַרבעטן אאַזוו]. „וואָס
גייט'ס דיך אָן? לאָז אים זײַן ווינדל א'„, מיי,
טענדלאַו, 864 [= לאָז אים פֿירן (פֿאַרריכטן)
זײַנע עסקים, מיש זיך ניט אַרײַן]. 3.
אַרויסוואַשן, אַרויסנעמען דורך וואַשן. א, אַ פֿלעק.

„דעם גאַרבשטאָף קען מען מיט
פֿאַרשיידענע מיטלען א, פֿון לעדער", וואולאַך,
האַנטבּיכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבּעט, 1922. 4.
אויסרייניקן, בּאַפֿרײַען פֿון גײַסטיקע פֿלעקן. א,
זיך פֿון זינד, פֿון בּייזע געדאַנקען. „איך האָבּ
געווײנט, האָט מײַן געוויין דאַס האַרץ מיר
אויסגעוואַשן ריין„, יהואָש. 5. אויסזידלען,
געבּן אַ חלק, אויסצוואָגן. "האָט זי אים דער
לאַנגט אַ פּאָרציע, אים גוט אויסגעוואַשן".
אויסוויאַז(ש)ע(נע)ן, ~וויאַקען זיך
— אוטוו. וויאַז(ש)ע, וויאַקע זיך אויס; זיך
~געוויאַז(ש)עט, ~געוויאַקעט. וורר. 1. זיו
בּאַקלאָגן אין אַ ווײנענדיקן טאָן. „ער איז אָ
ניוניע און אַ פּריטשעפּע, ער וויאַקעט זיך אויס
פֿאַר אַלעמען." 2. אויפֿהערן זיך טשעפּען,
זיך קריגן.
אויסוויאַיען — טרוו. וויאַיע אויס, ~
געוויאַיעט. פּר. סל. אויסווייען, אויסבּלאָזן. „כ'האָבּ
אָפֿן געלאָזט דאָס פֿענצטער, האָט דער ווינט
אויסגעוויאיעט דאָס הויז", רייד.
אויסוויאַל(י)ע(נע)ן — אוטוו. ־ל(י)ע אויס,
~געוויאל(י)עט. סל. דזוו אויסוויאַנען →.
אויסוויאָנדזלען — טרוו. ־דזל אויס, ~
געוויאָנדזלט. לד, אוקר. אויסרייכערן (הערינג,

אַנדערע מינים פֿיש, זן וועגן פֿלייש).
אויסוויאַנען — אוטוו. ־נע אויס, ~געוו□
אַנעט. 1. אויסוועלקן, אינגאַנצן פֿאַרוויאַנען.

אויסוויבּירן

בּלעטער, קווייטן, בּלומען, בּיימער וויאַנען
אויס. 2. פֿיג וועגן מענטשן. „די אַלטע לײַט
וויאַנען אויס אין מושבֿ־זקנים“.
אויסוויבּירן — ־ריר אויס, ~(גע)וויבּירט.
אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבּן ציטערן. „אַ
האַנט האָט זיך צוגערירט צו דער האַרף און
אַ סטרונע האָט אויסוויבּירט„. 2. ציטערן
א□ן פֿאַרענדיקן ציטערן. „זיי האָבּן אַ לאַנגע
צײַט געלאָזט א, זײַן דערציילן„, היימיש, 1961
I 10. טרוו — אַרויסציטערן, אָרויסבּרענגען
עפּעס מיטן ציטערן. „ער האָט אײַנגעזאַפּט דעם
פֿיבּער און אויסוויבּירט אים אין דער
פֿינצטער“, טמז, 8 □ 1953 III.
אויסוויגן — טרוו. וויג אויס, ~געוויגט.
1. וויגן און פֿאַרענדיקן וויגן. א, דאָס קינד בּיז
עס שלאָפֿט אײַן. „אים געבּוירן האָט דער ים
און אויסגעוויגט דער שטורעם“, הר,

פֿאַרנאַכט. 2. אויסהאָדעווען. „דאָרטן האָט זי
כּמעט אירע אַלע קינדער אויסגעוויגט“, ווײַס,
אַ פּאָמעניק,.

,
אויסוויגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. גוט
דורכוויגן זיך, ביז ניט ווען מער. 2. זיך
אויספֿורעמען, זיך אײַנשטעלן. „ווי מע וויגט
(איינעם) אײַן אַזוי וויגט (ער, מען) זיך אויס“,
שון.
אויסווי'דערצן — טרוו. ־ערץ אויס, ~
געווידערצט. וורר. אויסנודיען, אַרויסרופֿן געפֿילן
פֿון דערווידערקייט. שטאַרק באַלעסטיקן. זיך
אָנזעצן ווי אַ קלעשטש און א, אַ טובֿהלע.
אויסוויטע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־טע(ווע) זיך
אויס, זיך ~געוויטע(ווע)ט. פֿאַרענדיקן גריסן
זיך (מיט שאָקלען זיך, ווינטשן זיך). „עס ציט
זיך אַ האַלבע שעה פֿון א, זיך, פּונקט ווי
איינע פֿון זיי וואָלט אַוועק קיין אַמעריקע“.
אויסוויטער — דער, ־ס. אַקט פֿון
אויסוויטערן, אויסוועטערן. יאַכ.
אויסוויטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געוויטערט. אוקר. דזוו אויסוועטערן ←.
אויסווייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסווייען. פֿווב.

אויסווייבלען זיך — אוטוו. ־בל זיך אויס,

זיך ~געווײַבלט. אָנהייבן אויסזען (זיך פֿירן) ווי אָ ווײַבל. „די ערשטע צײַט נאָך דער חתונה איז זי געווען נאָך גאָר אַ ציג, אָבער איצט ווײַבלט זי זיך שוין אויס, קאָכט פֿאַרן מאַן, האַלט ריין אַ שטוב, און עס דאַכט זיך אַז זי איז שוין אויף דער צײַט“, רייד.

אויסווײַז — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסי

ווײַזן. באַווײַז, ראַיה. אַן א, וואָס לייגט זיך אויפֿן שׂכל. 2. אָפּדאַכטעניש פֿאָרשטעלונג, וואָס איז ניט אין הסכּם מיט דער וואָר. „שרעק זיך ניט, ס'האָט זיך דיר בלויז געחלומט, בלויז אַן א“. 3. אַרויסשיקונג, דעפּאָרטאַציע (און דער שייכדיקער דאָקומענט). דטשמ. [געווען באַזונדער פּאָפּולער אין פֿראַנקרײַך צווישןביידע וועלט־מלחמות. אַן א, פֿלעגן קריגן הן די וואָס זײַנען אומלעגאַל געקומען אין לאַנד, הן די וואָס האָבן געאַרבעט אָן אַ ספּעצ אַרבעטס־קאַרטל. געווען דרײַ מינים א'ן: אַ בלויער, אַ רויטער און אַ ווײַסער; בײַם לעצטן מין — דעם ערגסטן, אָן שום אַפּעלאַציע, האָט

שטימטן טערמין]. א'־געזעץ = אויך: אָפּמאַך
צווישן צוויי אָדער מער לענדער אַרויסצושיקן
פֿאַרבּרעכערס. „צווישן בּראַזיל און די
פֿאַראייניקטע שטאַטן איז ניט פֿאַראַן קיין א,־ג'„,
טמז, 4 .8 1959 ◻I. שריפֿטלעכער בּאַווײַז,
דאָקומענט. [פֿאַרשפּרייט אין די געטאָס אונטער
די נאַציס מיטן בּ: דאָקומענט אַז מען אַרבּעט
אין אַ 'ניצלעכער, אינסטיטוציע]. „נאָך אַן
אינטערווענץ מצד ייִדישע שתּדלנים בּײַ דער
צענטראַלער מאַכט אין קראָקע, מאַרץ 1941, האָט
מען אין וואַרשעווער געטאָ איבּערגעגעבּן:
— וואָס האָבּן די הערן געבּראַכט פֿון קראָקע ◻
— אַן א, פֿאַר אליהו הנבֿיא צו קענען גיין אַ
גאַנצע נאַכט“, רינגעלבּלום, 13 1941 ◻I. [בּלומ].
אויסווײַזונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסווײַזן (זיך). „ער זאָל מערן
צו דאַנקען אים און צו לויבּן אין זײַן האַרץ
און מיט דעם א, פֿון זײַנע רייד, כּלומר ער

זאָל אים לויבן מיטן מויל און דאָס האַרץ
זאָל אויך דערבײַ זײַן״, חה, 256. שׂכלדיקע א'.
געלט־א'.
אויסווײַזן —, אוטוו. ווײַז אויס, ~געוויזן.
-
1. אויסזען. „און פֿון אַזעלכן וואָס ער איז
אינעווייניק ניט אַזוי ווי ער ווײַזט אויס
אויסווייניק„, חה, 36. „עס איז אַלט דאָס הויז...
און עס איז גאָרנישט אַזוי שטאַרק ווי עס
ווײַזט א, פֿון דרויסן„, פרץ, ,ר, נחמנקעס
מעשׂיות,. „איר געזיכט האָט אויסגעוויזן בייז״,
שע, יוגנט־ראָמאַנען.
2. קריגן אַן אויסזען; אויסדאַכטן זיך.
„איך האַלט פֿאַר מעגלעך אַז די מעשׂיות וואָס
איך וועל אײַך דערציילן וועלן אײַך א,
באַשײַמפּערלעך״, פרץ, חסידיש. „לאָמיר בעסער
[זיך] אָפּטראָגן, ווײַל זי ווײַזט אויס משוגע״,
לאַט, דאָס ייִדישע קינד. „דאַמאָלסט האָבן זיי
מיר אויסגעוויזן ווי מענטשן פֿון אַ העכערער
וועלט״, באַש, בית־דין־שטוב. [אַ סך בעסער
איז מיט דעם בֿ צו ניצן א, ז י ך].
אויסווײַזן — אומפּ. עס ווײַזט אויס, עס האָט א
~געוויזן. עס האָט אַ פּנים ווי, עס זעט
אויס ווי (אַז); עס דאַכט זיך אַז; עס קומט

אויס אַז. ס'ווײַזט אויס אַז ער איז גערעכט.
,,מן־הסתּם, ווײַזט אויס, אַז דעמס וואָס די
מצווה איז גרעסער — דעמס שׂכר איז אַוודאי
אויף יענער וועלט בעסער‘‘, טעיאטאָר. ,,ס'ווײַזט
אויס נאָך ניט געקומען די צײַט אַז דאָס פֿאָלק
זאָל אַליין קענען...‘‘, ממוס, שטורעמצײַט.
אויסווײַזן — טרוו. ווײַז אויס, ~געוויזן.
1. ווײַזן אַ צאָל זאַכן, אַלץ. א, אַלע זעלטענע
ספֿרים פֿון דער ביבליאָטעק. *א, אותות און
מופֿתים =ווײַזן כּלערליי וואונדערלעכע זאַכן.

2. באַשײַמפּערלעך, קלאָר ווײַזן. ,,אביר האָט א
מאַן דען פֿרײַנט ניטיג, זוא גיט עש אליש וויא
פֿולגינדיש מעשׂה אויז ווײַזט‘‘, גה, 204. ,,דא
ענטפֿרן זי: אדונינו, דעם פּתרון קאַן קיינר
ניט ווישן, נאַר וואַש די צײַט וועט איש
ווײַזן‘‘, שי, מד/א. ,,מען איז געשטאַנען
ליכטיקע פֿאַרגונען איינער דעם צווייטן, און דאָס
,
געוואָלט א‘‘‘, אָפּא, טענצערין. *א, אין די אויגן
= באַשײַמפּערלעך ווײַזן (די גערעכטיקייט,
דעם אמת).
3. באַווײַזן מיט ראַיות, לאָגיש. א, דעם

אויסווײַזן זיך

אמת, די גערעכטיקייט, דעם שׂכל פֿון דער זאַך אאַ. „מע מוז אַזעלכע מענטשן א', זאָלן זיך נישט האַלטן אין די גרייזן“, טעיאַטאָר. „איך וויל דאָ ניט מאריך זײַן אויסצוּווײַזן פֿון דער וועלט, ווי שלעכט ווי בּיטער און פֿינצטער עס איז די ניט־געלערנטע“, ממוס, קליאַטשע. „איר וועט זאָגן: הרגל! ניין, בּרודער! דאָס האָט שוין דער רמבּם אויסגעוויזן אַריסטון אַז הרגל איז בּלאָטע„, פּרץ. *א, בּאותות וכמופֿתים = דערווײַזן מיט כלערליי פֿעסטע דאיות.

4. בּאַווײַזן מיט (שריפֿטלעכע) דאָקומענטן. „...אלז אָפּ בּרעכן...וואז ניט דאז פּנקס אויז ווײַזט, אונ, קיין חזקה גילט ניקס בּבתּי כּנסיות, ווען עש ניט איין גישריבּן איז“, תּקק. „...אויסווײַזנדיק בּפֿירוש פֿון רשי, אַז קיינער פֿון די מלכיות האָט ניט די מפּלה דאָ אונטן, בּיז עס פֿאַלט ניט דער שׂר זײַנער דאָרט אויבּן„, ממוס, ווינטשפֿ. „האָט ער דאָך געבּריהט זיך, געוואָלט א', געבּראַכט פּאַפּירן אַז ער זיצט דאָרטן פֿון ששת ימי בּראשית“, שע, קליינע מענטשעלעך.

5. אַרויסווײַזן, אַרויסשטעלן. „...דער גיהער

דער שליח צו זײַן צו דער זאַך וואָש דער
בּריבֿ טוט אויש ווײַזן,,, עיון, 1/66. ,,...צו
פֿאַרשאַפֿן זיך אַ נאָמען און א, דאָ אין שטעטל
זײַן גרויסקייט'', ממוס, שלמה. 6.
באַשטימען, אײַנשטעלן. ''גאָט, מײַן גאָט, דײַן חכמה
ווײַזט אַזוי אויס,,, לט2, 2/107. ,,וואָס פֿאַר
אַ מזל פֿון אַ שטערן דער מענטש ווערט
געבאָרן — די זעלבּיקע טבֿע קריגט ער ווי דער
שטערן ווײַזט אויס'', חה, 145. 7. (סוחריש)
אָפּגעבן ווערקסל (טראַטע) אין באַנק
אײַנצומאָנען געלט. ''מיר ווערלן א, די ווערקסלען וואָס
זײַנען פֿעליק דעם חודש און קריגן נײַעם
קרעדיט''.
8. דעפּאָרטירן, אַרויסשיקן. דטשמ. ,,מע
האָט אויסגעוויזן אַלע ייִדן פֿון דעם באָצירק''.
ויסווייזן זיך — אוטוו. ווײַז זיך אויס, זיך
-
~געוויזן. 1. אַרויסווײַזן זיך, אַרויסשטעלן
זיך. ''הגם דיא אשה הנ''ל מער טויט אלש
לעבּינדיג גיוועזין איזט וויא עש זיך אַך אויז
גיוויזן האָט,,, גה, 331. ,,איטלעכע
באַשעפֿעניש און געמאַכטע זאַך ווײַזט זיך אונדז אויס
פֿאַר אַ יש אין ממשות'', תּניא, 320. ,,אויבֿ איך
וועל זיך א, צו זײַן אומגערעכט, שטעל איך

איַיך אַלעמען ביר,,. 2. זיך באַרימען, זיך אַרויסשטעלן נאָר פֿון דער גוטער זײַט, (קורלאַנד, זאַמעט). ,,הער שוין אויף זיך א, מיט דײַן קענען. מיר ווייסן אַז ס'איז נאָר באַרימעדייַ̆".
ויסוויַיזן זיך — אומפּ. עס ווײַזט זיך אויס, עס האָט זיך ~געוויזן. 1. עס דאַכט זיך אַז; עס קומט אויס ווי (אַז); עס מאָלט זיך אויס. ,,איז ווײַזט זיך אויס אַז זיי באַהעפֿטן זיך יאָ מיט מענטשן", חה, ב, 279. ,,ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן איז ער שוין פֿון לאַנג בײַ זיך אין האַרצן געווען אויף מיר עפּעס אַ ביסל אָנגעדרודלט", ממוס, 'אַ גרויע האָר'. ,,עס האָט זיך אים אַמאָל אויסגעוויזן אַז דאָ באַלד, הינטער דעם וועלדל, איז ירושלים,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 2. עס שטעלט זיך אַרויס; עס

אויסוויַיזעכ� ן

ווערט קלאָר. ,,ר, יחיאל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַן אמתער, פּשוטער, כּשרער ייִד", פּרץ, �וסידיש.
אויסוויַיזעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. ראַיה, באַווײַז. (אָפּט איר). 2. אָפּדאַכטעניש,

אויסדאַכטעניש. מיראַזש. 3. ספּראַווע, משפּט. פֿאַרענטפֿערונג. „בײַם א, האָט מען געשריגן און זיך געקריגט„.

אויסווײַזעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פֿאַנטאַזיע, מיראַזש. „האָבן זיי זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, זיך געקלערט: אַן א'‟, פֿמ. 2. אויסווײַז, אויסווײַזונג.

אויסווײַזער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס ווײַזט אויס (←. אויסווײַזן, טרון). ווער עס שטעלט צו, גיט איבער. ווער עס גיט אַרײַן אַ ועקסל אויפֿצומאָנען.

אויסווייטיקן — ־טיק אויס, ~געווייטיקט. פּפּ: ~ווייטאָגן. אוטוו — אַ לענגערע צײַט אָדער אין אַ שטאַרקער מאָס האָבן ווייטיקן. די וואונד וועט נאָך לאַנג א'. טרוו — 1. דורך (מיט) ווייטיק עפּעס אַרויסברענגען. „זי [האָט]...געוואָלט א, פֿון זיך דאָס זינדיקע מחשבֿה־בענקען„, בערג, בײַם דניעפּער I. 2. באַצאָלן מיט ווייטיקן פֿאַר עפּעס (וואָס האָט פֿאַרשאַפֿט הנאה); אויסקרענקען. א, דעם נחת, א, דאָס ביסל פֿאַרגעניגן אע.

אויסווײַטן — טרוו. ווײַט אויס, ~געווײַט. ברייטער, ווײַטער מאַכן; אויסציִען (אויף אַ געשטעל). „מע דאַרף דעם קאַפּעליוש אַ ביסל

א‘‘. א, אַ שוך וואָס דריקט.

אויסווײַטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געווײַטערט. 1. דזוו אויסווײַטן. 2. אויסשפּרייטן, פֿונאַנדערשפּרייטן. א, דעם באַנעם. א, די נײַע אידייען.

אויסווײַך — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסווײַכן. אַרויסדריי, תּירוץ.

אויסווייכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסווייכן.

אויסווײַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסווײַכן.

אויסווײַכיק אַדי. נעאָל. וואָס איז מעגלעך אויסצווּווײַכן. א'ע הוצאות, פּראָיעקטן, סובסידיעס אאַ.

אויסווייכן — טרוו. ווייך אויס, ~געווייכט. מאַכן ווייך. ווייקן אָדער מיט אַנדערע מיטלען דערגרייכן עס זאָל ווערן ווייך. א, אין מילך האַרטע קרישקעס.

אויסווײַכן — טרוו. ווײַך אויס, ~געווײַכט (אויך ~געוויכן, אַרכ און אין טייל לר ביזן אָנהייב 20. יה). 1. פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַט כּדי אויסצומײַדן. א, אַ צוזאַמענשטויס, אַ פֿורל, אַן אויטאָ, אַ שטיין אין וועג אאַזוו. מלל פֿאַרטײַטשט 'כי שמטו הבקר, (שמואל ב,

ו, 6): „איש גוויכן“. 2. אָפּקערן זיך פֿון
אַן אָרט, ניט (וועלן) אַרײַנקומען אַהין. „אַלע
רײַזנדע יודן האָבן איר האָטעל אויסגעווײַכט
ווי מען ווײַכט אויס איין פּעסט“, אמד, רזיזע
פֿינקל. „גיט עס אים אַ צופּ בײַ דער נשמה...
און עס בלײַבט בײַ אים אויסצווווײַכן יענעם
אָרט“, ממוס, שלמה. 3. אויסמײַדן אַ מענטשן,
באַהאַלטן זיך פֿון אים, ניט (וועלן) פֿאַרקערן
מיט אים. „זיא ווש אים צו מול ניט אויז

231

ווייכן„, בבא־בוך, 350. „ווײַך אום [= אים]
אויס, גייא אין אים נישט, טרעט פֿון אים אָפּ
און גייא אַוועק“, מס, משלי, ד, 15. „ער האָט
אים געוואָלט א„ נאָר יענער האָט אים גלײַך
באַמערקט“, אַר. א, ווי פֿון אַ בייז(ער)
אָנשיקעניש, ווי פֿון (אַ) פּעסט. 4. אָפּקערן זיך

אין געדאַנק; ניט (וועלן) זען, באַטראַכטן אַן
ענין. א, פּראָבלעמען, שאלות, דיסקוסיעס
אאַזוו. „וועל איך שולדיק מאַכן מײַן זײַל און

וועל זי שטראָפֿן...ביז עס וועט איר
אויסגעקלערט ווערן...איר א, פֿון זײַן גערעכטיקייט“,
חה, 39. *א, א פֿראַגע = ניט ענטפֿערן,
סאַר

שווײַגן. 5. אוטוו. אָפּטרעטן א ן אַ זײַט,
מוותּר זײַן איבער עפּעס וואָס איז וויכטיקער.
 עש איז גאַר גרוש דיא מצוה פֿון מל זיין
דש מן עש מאג אַפֿילו אַן שבת טון אונ, שבת
מוז פֿר דיא מצוה אויש ווייכן“, מחמ, עב/א.
אויסווייכן זיך — אוטוו. ווייך זיך אויס, זיך
~געווייכט. ווערן ווייך, קוואַטשיק (פֿון זיך
אָדער ווי רעזולטאַט פֿון אַרבעט). „די ערד האָט
זיך אויסגעדעקט, אויסגעווייכט און
אויפֿגעפֿרישט“, שע, אַפּיקומן'.

,

אויסווײַכן זיך — קזוו. ווײַך זיך אויס, זיך
~געווײַכט. (בכּיוון) אויסמײַדן איינער דעם
צווייטן פֿריִער זײַנען זיי געווען פֿרײַנד,
„ .

איצט אָבער ווײַכן זיי זיך אויס“.
אויסווײַכעכץ — דאָס, ־ן. אויסווײַכונג (מיט
איר בײַטעם). תּירוצים־זוכעניש.
אויסווײַכעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, בסדרדיקע) אויסווײַכונג. „ס'איז באמת
קינדיש דײַן א', קום אַהער און לאָמיר זיך
דורכריידן“, רייד.
אויסוויילן — טרוו. ווייל אויס, ~געוויילט.
1. אויסקלײַבן. נעמען, באַשטימען איינעם (
עטלעכע) פֿון צווישן אַ צאָל. „מייסטנס פֿלעגן
אַרענדאַרעס א, פֿאַר זייערע טעכטער חתנים די
בעסטע בחורים פֿון די ישיבֿות“, ממוס, שלמה.
„האָט מיך אויסגעוויילט פֿאַר זײַן
באַגלייטערין“, ספּ, סודות. „ווילסט צום ווײַב אויס
טומאה טיפּסטע“, צײַט, ,משיח־ליד'. 2.
אויסדערווילן, אויסקלײַבן פֿאַר אַ באַזונדערער
שליחות. מ t פֿאַרטײַטשט 'בחר לנו אנשים,
(שמות, יז, 9). „וויל אויז“ [תּי: קלײַב אויס].
„געלויבט זײַן ליבער נאָמען וואָס האָט אונדז
ייִדן אויסגעוויילט פֿון לע אומות און האָט
געלײַטזעליקט מיט דער טאַקסע“, ממוס,
טאַקסע פֿון זײַן מוטערס בויך ווערט דער
גע „

לײַטזעליקטער אויסגעווײלט פֿאַר זײַן שליחות,,,
אַש, תּהילים־ייִד. ,,דער אייבערשטער ב״ה האָט
אים אויסגעווײלט אַלס רועה־ישׂראל...האָט
אים געגעבן געטלעכע חושים", לדבֿ.
3. אויסקלײַבן דורך וואַלן (גאַלקעס,
שטימצעטלען). ,,אַ פּריץ מישט זיך אַמאָל אַרײַן אין
אַתּה־הראית, אין הקפֿות און בײַם א, גבאים",
ממוס, אַ שטאָט אין מזרח,.

אויסווײלן זיך — אוטוו. ווײַל זיך אויס, זיך
--
~געווײַלט. (גוט) פֿאַרבּרענגען די צײַט,
פֿאַרווײַלן זיך. זיך א, עטלעכע וואָכן אויף דאַטשע.
אויסווײלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסווײלן.
אויסווײלער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס ווײלט אויס. [בײַ ניט־דירעקטע וואַלן

אויסווײנען

קלײַבן די וואַלבאַרעכטיקטע אויסווײלערס, און
יענע קלײַבן שוין אויס די פֿאָרשטייערס, די
דעפּוטאַטן]. ,,דער ייִד האָט נאָך געקאָנט זײַן
דער אויסווײלער פֿון אַן אידייע", אפֿא,

געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש.
אויסווייניק — אַדוו. פּפּ:
אויסנווייניק. 1. ניט אַרײַנקוקנדיק אין אַ בוך (ספֿר), לויטן זכּרון. לערנען פֿון א'; וויסן פֿון (אויף) א., „איך האָב מיר גידאכט בוודאי דאַר מיין ענד זיין אונ, אַן גיפֿאנגין מתודה צו זיין זוא גוט איך גיקענט האב, אונ, זוא פֿיל אין אויז וויניק גיוואושט האבי“, גה, 150. „געלערנט אָרט האָט מען תּורה שבעל־פּה, די מינדלעכע .
▯

תּורה, און דווקא א', קוקנדיק דעם רבין אין מויל אַרײַן„, ממוס, שלמה. 2. פֿון דרויסן, פֿון דער דרויסנדיקער זײַט. אַרכ. „דרום זאַל איין איטליכר זער גיווארנט זיין דז ער זיין הענד וואול וועשן אינן וויניג און אויש וויניג“, לט 1, 1/140. „און פֿון אַזעלכן וואָס ער איז אינעווייניק ניט אַזוי ווי ער ווײַזט אויס אויסווייניק„, חה, 36.
אויסווייניקייט — די (דאָס), ־ן. 1. מצבֿ אָדער אייגנשאַפֿט פֿון זײַן מן־הצד, ניט אין (זאַך, ענין). דרויסנדיקייט; חצוניות(דיקייט).
2. דרויסנדיקע וועלט, ניט־ייִדישע וועלט. „אין דער תּקופֿה פֿון קאַמף מיט דער א, — כּלפּי

חוץ — ווען מע האָט געבויט די בלויזע
פּאָרעם פֿון דער אויטאָנאָמיע", ימ, ניִס, 1922.
אויסווייניקסט — אַדי. 1. וואָס איז מחוץ.
געפֿינט זיך אין דרויסן פֿון באַשטימטן שטח.
היפך פֿון אינעווייניקסט. א'ע פּונקטן, ליניעס,
קערפּערס אאַ. א'ע ווינקלען. 2. וואָס איז
אין פֿראָנט פֿאַרן דרויסן. א'ע באַפּוצונגען,

טירן, קאָלאָנעס אאַזוו. „...מיַין ליבשאַפֿט און
איבערגעגעבנקייט זענען נאָר מיט אַן א'ער
פּניה", ממוס, אין אַ שטורעמציַיט. 3. וואָס
איז רעלאַטיוו מער צום דרויסן ווי אינעווייניק.
א'ע זיַיט; א'ער מוסקל, אָרגאַן. 4. וואָס איז
נאָר פֿון אויבנאויף, ניט טיף. א, גוטע מאַנירן,
א'ע גוטסקייט פֿריַינדשאַפֿט אאַזוו.

5. וואָס איז מחוץ דעם יחיד, אין דרויסן
פֿון זיַין איך. א'ע סיבות, באַדינגונגען אאַזוו
„דער ים געפֿילן אין האַרצן נעמט זיך פֿון
טויזנטער קוואַלן, אינעווייניקסטע און א'ע,
חוץ אים", ממוס, ווינטשפּ. 6. וואָס איז מחוץ
דעם פֿאָלק, דעם לאַנד, ספּעציעל מחוץ ייִדישן
פֿאָלק, מחוץ ייִדישקייט. א'ע שׂונאים,
אינטריגעס, קריגעריַיען אאַ. „אַוועקגעלאָזן אונדזער

הייליקע תּורה און...טוט זיך בּאַהעפֿטן אָן
די א'ע חכמות וואָס קומען פֿון דער אַנדערער
זײַט", יד, אבן נגף. א'ע ענינים =
מלוכהענינים בּשײַכות מיט בּאַציאונגען צו פֿרעמדע
לענדער און רעגירונגען. א'ער האַנדל =
מיט אַנדערע לענדער. [אָן ענדונג זן].
אויסווייניקסטע — דאָס, בּא. (דאַטיוו: דעם
־טן אָדער אומדעקלינירט). 1. דאָס וואָס
געפֿינט זיך אין דרויסן, דאָס וואָס האָט אין זיך
'אויסנווייניקסט'. 2. דאָס אַרומיקע,
סבֿיבֿהדיקע להיפּך צו דאָס אינעווייניקסטע, צום
יחיד. הצוניות.
אויסוויינען — אַקוזוו, טרוו. וויין אויס, ~
געוויינט. 1. זייער אַ סך וויינען, צעוויינען,

אָנווייאויסוויינען זיך

נען פֿאַרגיסן אַ סך טרערן. א, (אַ טײַך, טײַכן,
.
אַ ים, ימען, אַ ירדן, אַן אָקעאַן) טרערן. „וואָס
זי פֿלעגט אויסחלשן און א, ימים־נוראים!",
פּרץ, בּילדער און סקיצן. „וואָס זי האָט
אויסגעוויינט — מעגן די טרערן פֿאַלן אין ים
אַרײַן", שע. 2. וויינען בּיז קאַליע מאַכן די

אויגן. א, (זיך) די אויגן. „מײַנע אויגן וואַרפֿן שוין קיין שטראַלן נישט, איך האָב זיי אויסגעוויינט“, פּרץ, דראַמ, שריפֿטן. „אויף פֿרעמדע קבֿרים וויינט מען זיך קיין אויג ניט אויס“, שוו. *א, דאָס דריטע אויג = גאָרניט וויינען, זיך ניט נעמען צום האַרצן.

3. אַרויסבּרענגען עפּעס דורך וויינען אַ סך.

א, דאָס (בּיטערע) האַרץ, א, די צרו�, דאָס שווערע געמיט אאַ. „זי האָט אַפּנים געוואָלט א, אויף דער טאָכטערס האַלדז אירע צרות“, שע, אין שטורעם. „טרויער פֿון אַן עלטערזיידן? טרויער פֿון אוקראַאינער פּליינען? ניט אין וואָרט אַרויסצורײדן, ניט אין תּהילים אויסצוּוויינען“, מל, 'מײַן טאַטע'. „ווען א, אין בּלוט געקאָנט וואָלט ער...“, פּמ, מלחמה. „קיין טרערן וועט זי מער שוין ניט פֿאַרגיסן, זי האָט שוין אויסגעוויינט דאָס האַרץ פֿון לאַנג„, סעג, איצטער.

4. פּועלן עפּעס דורך אַ סך וויינען. א, אַ גוט יאָר, אַ גוט קוויטל, אַ גוטע מערכה, קינדער, גוטע קינדער אאַזוו. „אין קאָשיק האָט זי געפֿונען...אַ שטיקל לונג־און־לעבער, וואָס זי האָט קוים אויסגעוויינט בּײַ דעם קצבֿ„, שע, אָרעמע און פֿריילעכע. „אויסגעוויינט דאָס בּיסל סחורה בּײַם מלווה“, אַש, תּהילים־ייִד. “האָב

מיט מײַנע טרערן זיך אויסגעוויינט אַ בלויע
נאַכט, אַ פֿולן הימל שטערן", הר, מײַן
ליכטיקע נסיעה. ,,אַזאַ מקח וועל איך א, אויפֿן
ביתעולם", פֿוול בײַם דינגען זיך.
אויסוויינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
וויינען אַ סך און אויפֿהערן. ,,וויין זיך אויס,
וועסטו ווערן אַ כלה,,, פֿוול [איר צו אַ מיידל
וואָס ווײנט אַ סך]. 2. דורך וויינען אַ סך זיך
באַרואיקן. ,,אַז מע וויינט זיך אויס ווערט
גרינגער אויפֿן האַרצן", שוו. ,,דאָס איינציקע
מיטל פֿאַר ווײַבער נעבעך אין שווערע, ביטערע
צײַטן איז שטילערהייט אין אַ ווינקל זיך גוט
א',,, ממוס, פּריזיוו.
אויסווײַסלען זיך — אוטוו. ־סל זיך אויס,
זיך ~געווײַסלט. נעאָל. זיך אויסווײַזן אָדער
זיך אויסטיילן ווי עפּעס וואָס איז (אַ ביסל)
ווײַס. ,,אַ געזאַנג וואָס ווײַסלט זיך אויס אין
דער פֿינצטער,,, ח. רן, לעצטע נײַס, ת,,א, 1960.
אויסווײַסן־——. טרוו. ווײַס אויס, ~געווײַסט.

1. מאַכן ווײַס, העל, ליכטיק. ,,און די זון
האָט די שטוב אויסגעווײַסט מיט אַ שטילער
אויפֿגעריכטער ליכטיקייט,,, ווײַס, שטעטל.
2. אויסקאַלכן. א, די שטוב, די ווענט. ,,

אונטער אַ יום־טובֿ פֿלעגט זי אים אַנידערשטעלן
א, די שטובֿ און אונטערבינדן אים דאָס בערדל
מיט אַ טיכל“, ממוס, מסעות. 3. אויסצינען,
גלייזן, איבערעמאַלירן. „גם אַז איין עכו“ם
וויישט אויש דיא כלים מיט זיין בלייא פֿון
אונווייניג אַפֿילו איז די כלי פֿון איין יהודי מוז
מען אויך טובֿלין רק אַן ברכה„, שלחן ערוך,
חלק שני [זשאָלקווע? אָנהייב 19. יה] ז, יא/ב.
„אויף פּסח וועל איך [דעם סאַמאָוואַר] געבן א„

232

ועט ער וויַטער זײַן פּסחדיק„, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט.
אויסדויַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן וויַס,
בלאַס; אויסבלאַסן זיך. „זי האָט זיך אַזוי
אויסגעוויַסט אַז קיין טראָפּן בלוט איז ניטאָ
אויפֿן פּנים“.
אויסווייען — טרוו. וויי אויס, ~געווייט
(אין פּר, אוקר: ~געווייעט). 1. דורכבלאָזן,
אויסבלאָזן. א, תּבֿואה. „אויך איז אָסור [שבת]
צו לייגן דיא פּאָלאָוועו פֿאַר זײַן בהמה אין
דער הייך, כּדי דער ווינט זאָל זי א'“, לט□,

2/68. 2. דורכלופֿטערן; אויסטריקענען מיטן
ווינט. א, קאָלדרעס, פּערענעס אאַ. א, נאַסע
וועש.
אויסוווייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. (מיט
אַ פֿעכער אע) זיך אָפּקילן. זיך א, פֿון דער
היץ. 2. אַרויסדרייען זיך. א, זיך פֿון אַן
אָנשיקעניש, צרה אע.
אויסווייקן — טרוו. ווייק אויס, ~געווייקט.
1. ווייקן בּיזן סוף, בּיז דער נייטיקער מדרגה.
אײַנווייקן און א, אַ בּאַשטימטע צײַט. דער
רעגן האָט אים אויסגעווייקט דורך און דורך.
2. האַלטן אין אַ פֿליסיקייט (בּיזן ווייך, פּוכקע
ווערן, אָדער ריין, אָדער גרייט פֿאַר אַ
בּאַשטימטן צוועק). א, אַ הערינג. „ווייק אויס דעם
בּלאָטער אין הייס וואַסער, דערנאָך שטעך אים
אויף“. „די בּית־שמאי זאָגן אַז מע טאָר ניט
אײַנווייקן [פֿרײַטיק] טינט־מאַטעריאַלן און
פֿאַרבּ־מאַטעריאַלן...סײַדן אַז זיי זאָלן
אויסגעווייקט ווערן, ווען עס איז נאָך טאָג“, פּיעט,
שבּת, א, ה. 3. כּשרן (פֿלייש, גלאָזוואַרג אויף
פּסח) דורכן האַלטן עס אין וואַסער. אַ האַלבּע
שעה א, דאָס פֿלייש און דערנאָך עס זאַלצן.
4. דורכנעמען, מאַכן עס זאָל דורכדרינגען.
„דאָס לעבּן האָט אים אויסגעווייקט אין צרות„.

אויסווייקן זיך —, אוטנו. ← דפֿוו. 1.
דורכגענעצט ווערן. זיך א, אין שלאַקסן. א, זיך אין
טרערן. 2. דורכגענומען, דורכגעדרונגען
ווערן. זיך א, אין חסידות, קבלה אאַ. זיך א, אין
תּאוות, זינד אאַ.
אויסווייקען — טרוו. ־קע אויס, ~געווייקעט.
אַרויסברענגען עפּעס דורך קרעכצן און אָכצן,
זאָגן וויי־ווי. „גענוג שוין צו קלאָגמוטערן;
עס איז ניטאָ וואָס אויסצוּווייקען“, רייד.
אויסווייקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קלאָגן,
זאָגן וויי־וויי און אויפֿהערן. זיך גרינגער מאַכן
דורך קרעכצן און קלאָגן.
אויסווייקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסווייקן (זיך).
אויסוויַרעכן — טרוו. ־רעך אויס, ~
געוויַרעכט. 1. אויסרייכערן מיט וויַרעך.
2. לויבן גוזמאדיק. א, דעם בעל־הבאַנקעט.
אויסוויכוחן — [...וויקו'אַכן] טרוו. וויכּוח אויס,
~געוויכּוחט. דורך דעבאַטע, דערגיין צו
עפּעס; איבערצייַגן אין עפּעס. „מיט אַ
פֿאַנאַטיקער ועסטו קיין זאַך ניט א'“.
אויסוויכוחן זיך — ← דפֿוו. אוטוו — פֿירן
אַ וויכּוח און פֿאַרענדיקן. „אַז ער
פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ וויכּוח, קען ער קיינמאָל ניט

זיך א'"‚ רייד. קזוו — פֿירן דעבאַטעס,
איינער מיטן צווייטן, אַ גרופּע צווישן זיך. "נו,

אויסווינטש(עוו)ן

איר וויכּוחט זיך אויס און איר האָט הנאה פֿון
דעם, אָבער מע דאַרף גיין צום טיש".

אויסוויכנ(י)ען — טרוו. ־נ()ע אויס, ~
געוויכנ(י)עט (~געוויכנט). פּפֿ: ~וועכנען.
אויסדרייען, אויסלינקען (פֿוס, האַנט, גליד);
אַרויסשלאָגן פֿון שלאָסביין.

אויסוויכערן — ־ער אויס, ~געוויכערט.
אוטוו — 1. פּלוצעם אָנהייבן וויכערן,
שטורעמען. 2. אויפֿהערן שטורעמען. עס האָט
שוין אויסגעוויכערט. טרוו — אַרויסברענגען
עפּעס מיט אַ וויכער, שטורעם. א, אַ ווילדע
מעלאָדיע.

אויסווילדעווען — אוטוו. ־דעווע אויס, ~
געווילדעוועט. אויך מיט ז י ך. געדויערדיק,
שטאַרק ווילד זײַן. „די בויאַנעס ווילדעווען אויס
גאַנצע אָוונטן„.

אויסוויליען זיך — אוטוו. ־ליע זיך אויס,
זיך ~געוויליעט. אוקר. סל. אַרויסדרייען,
אַרויספּלאָנטערן זיך. „דו וועסט זיך ניט א,

פֿון דער צרה,,. ← אויסוויניען זיך.

אויסווילִיקן — מרוו. ־יק אויס, ~געווילִיקט. אַרויסקריגן באַווילִיקונג, הסכּם, אויף אַ צאָל (זאַכן); אויספֿועלן. א, עפּעס בײַם פּריץ, בײַם מושל.

אויסווינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~געוויגדלט. 1. אײַנוויקלען (אין ווינדעלעך) איינעם אָדער מער. אײַנפּאַקן אין וויקעלעך. א, די עופֿעלעך. א, די קרישטאָלענע וואַזע. ,,איצט האַלט מען ניט מער אַז מיטן א, באַוואָרנט מען, די פּיסלעך זאָלן וואַקסן גלײַכע,,. 2. באַפֿרײַען פֿון ווינדעלעך; אויספּאַקן פֿון וויקעלעך. א, אַ קינד, עס זאָל זיך שפּילן מיט די פּיסלעך.

אויסווינדן — טרוו. ווינד אויס, ~געווינדט. אָרכ. מיט כּוח אויסדרייען (דאָס וואַסער פֿון אַ נאַסער זאַך). ,,ווען זייני קליידר ווערן [שבּת] נאַס גיוואָרדן, דא טאָר ער וואול דארינן גין אזו נאסר הייט אין זײַנים הויז אודר אין זײַנם הוף, אונ האבּ ניט זאָרג דאש ער זיא ווערט חס ושלום אויש ווינדן אויש דרוקן", לט1, 2/67.

אויסווינטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געווינטיקט. אויך מיט ז י ך. 1. מאַכן, דער ווינט זאָל אַוועקבלאָזן פּלעווע פֿון תּבֿואה;

ווינטשופּלען, א, תּבֿואה. 2. אויסלופּטערן, דורכלופּטערן. א, אַ ביסל די צימערן. אויך אוטוו — אָנהייבן בלאָזן. „ווינטיקן אויס די ווינטן“, א. ניסענזאָן, מעטעאָרן.

אויסווינטעווען — דזוו אויסווינטיקן ←.

„דער דריטער מין ווינט...האָט זיך געבעטן, אַז די חבֿריא גרויסע ווינטן זאָל אים אַרײַנלאָזן זיך א, די קינדערשע ווינטיקייט“, אפּא, טמז, 1□19□I□.

אויסווינטערן — ־ער אויס, ~געווינטערט.

אוטוו — דורכמאַכן אַ ווינטער, דורכווינטערן. א, אין דאָרף, שטאָט אאַזוו. *עס ווינטערט זיך אויס =דער ווינטער ענדיקט זיך שוין. טרוו — האַלטן במשך פֿון גאַנצן ווינטער, איבערן ווינטער. א, תּבֿואה, עפּל אע. א, דעם גאַנצן שײַער ווייץ און באַקומען אַ העכערן פּרײַז.

אויסווינטש(עווע)ן — טרוו. ־טש(עווע) אויס, ~געוואונטשן, ~געווינטש(עווע)ט. ווינסשן אַ סך, געבן אַ סך ברכות. ווינטשן אַ

אויסוויניען

צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. „די באָבע האָט אויסגעוואונטשן די אייניקלעך אַ גוט יאָר“.

„וויפֿל גליק און מזל־ברכה, וויפֿל עשירות און געזונט ער האָט עס אויסגעווינטשעוועט פֿאַר דער נדבֿה וואָס מע האָט אים געגעבן„. מיט ז י ך = אויך: אויסקלײַבן פֿאַר זיך לויטן אייגענעם באַגער. „דער שׂרה האָט געזאָגט צו ר, שׂמכען, ער זאָל זיך אויסקלויבן...[אַ] קאַמעניצע...האָט ר, שׂמכע זיך אויסגעוואונטשן

די קאַמעניצע“, י. מאָרגנשטערן, מכע פֿלאַכטע, ווילנע 1894.

אויסוויניען — טרוו. ־ניע אויס, ~געוויניעט. אוקר. אויסדרייען (אַ שרויף, אַ טייל פֿון אַ מכשיר, מאַשין); אויסשרויפֿן.

אויסוויניען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּטור ווערן, זיך אַרויסדרייען (פֿון שלעכטן מצבֿ, צרה אע). האָבן שׂכל און זיך א, פֿון אַ שלעכט געשעפֿט. ← אויסווילען זיך.

אויסווינקען — טרוו. ווינק אויס, ~ געוואונקען (אויך: ~געווינקט). אַרויסברענגען עפּעס דורך ווינקען. א, די צושטימונג.

אויסווינקען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. דורכווינקען זיך, ווינקען צו אַ צאָל. זיך א, מיט אַלע בחורים.

אויסוו(י)עטרעווען — טרוו. ־רעווע אויס, ~געוו(י)עטרעוועט. סל. אויסלופֿטערן. א, די

קאָלדרעס. „גיי וויעטרעווע זיך אַ ביסל אויס“.
מיט ז י ך — אויך אוטוו. פֿון זיך ווערן
דורכגעלופֿטערט. “...דער בענזין זאָל זיך ניט
קענען א'“, שאול שפּיראָ, קליידער־פֿאַרבערײַ,
וואַרשע 1900.
אויסוו(י)עטשען — טרוו. וו(י)עטשע אויס,
~געוו(י)עטשעט. לאָקל (קעלצער קרײַז).
אויסלופֿטערן. א, דעם צימער, בגדים.
אויסוו[illegible]ען זיך — אוטוו. וויִע זיך אויס, זיך
~געוויִעט. אוקר. זיך אַרויסדרייען. „דו וועסט
זיך ניט א, פֿון דער צרה“. ← אויסווילען זיך,
אויסוויניען זיך. [illegible][illegible]Bi[illegible]][illegible]]:[illegible][illegible] <.
אויסוויצלען — טרוו. ־צל אויס, ~געוויצלט.
דורך וויצן מבֿטל מאַכן; עפּעס דערגרייכן דורך
וויצלען זיך. „מיר ברענגען דיר ערנסטע
באַווײַזן און דו וויצלסט זיי אויס“, רייד.
אויסוויצלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויסלאַכן זיך. זיך א, דערפֿון, זיך א, פֿון
דער געפֿאַר. 2. אָנווערן פֿעאיקייט (
מעגלעכקייט) זיך צו וויצלען. „מע וויצלט זיך אַזוי
לאַנג ביז מע וויצלט זיך אויס„.
אויסוויקלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס און
רעזולטאַט פֿון אויסוויקלען (זיך). 2.
אַנטוויקלונג. „האָט ניט פֿאָרויסגעזען די א, אין

פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זין,,, אונדזער וואָרט, בּ"א, No 97.
אויסוויקלען — טרוו. וויקל אויס, ~געוויקלט.
1. אַרומוויקלען. וויקלען בּיזן סוף. א אַ

'
קנויל בּאַוול (וואָל). א, די פּיס מיט אָנוטשעס.
א, אין לײַלעכער (נאָכן בּאָדן, אַ קראַנקן, בּײַ
טיפּוס). א, אַ בּויך=אַרומוויקלען מיט בּרייטע
פּאַסן לײַוונט דעם בּויך פֿון אַ פֿרוי וואָס האָט
אַ שווער טראָגן און ספּעצ אַ קימפּעטאָרין (ווי
אַ מיטל דער בּויך זאָל ניט בּלײַבּן שלאַבּעריק).
,,אָזאַ ייִדענע דאַרף האָבּן אַ שטיקל ידיעה אין
כּישוף...קאָנען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע...א, אַ

בּויך...אויף אַזאַ זנאַכערקע קאָן מען...זין.
פֿאַרלאָזן,,, דער יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
2 פֿונאַנדערנעמען, אָפּבּינדן, פֿונאַנד ◻ רדרייען,

.
אויספּלאָנטערן. ,,דערנאָך האָט מען
אויסגעוויקלט אַ בּרייטן טלית, וואָס האָט אַ וויי געטאָן
מיט קלאָרקייט און קדושה", ח. פּעט, איק,
תּשי"ז. א אַ פֿאַרפּלאָנטערטן ענין. א, (דאָס

'
בּיסעלע) אמת פֿון (זײַנע) רייד. א, עמעצן

פֿון (פֿאַרדרייטער לאַגע). 3. מיט וויקלען
עפּעס מאַכן. „אַרויסגענומען אַ פּענכער מיט
טאַבעק, אויסגעוויקלט אַ פּאַפּיראָס“, אָפּאַ,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. 4. דזוו
אויסווינדלען ←.

5. מאַט. א, אַ (געשטאַפּלטע) ברוכצאָל =
פֿון אַ דרײַגאָרנדיקער מאַכן אַ צווייגאָרנדיקע,
פֿון אַ צווייגאָרנדיקער אַן איינגאָרנדיקע.

אויסוויקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיו
אויספּלאָנטערן, זיך באַפֿרײַען, זיך אַרויסדרייען.
*זיך א, פֿון אַ קרענק = אָנהייבן געזונט ווערן.
„אַ קנויל וויקלט זיך אויך אויס“, שוו = פֿון
אַ פֿאַרפּלאָנטערטער לאַגע קען מען אויך קומען
צו אַ (גוטן) רעזולטאַט, ריכטיקן אויסוועג.
„קיין אמתע פֿאַקטן איז אויך ניט געווען קעגן
אים, האָט ער זיך יאַקאָש אויסגעוויקלט פֿונעם
עסק“, ייִפֿאָל, 12 1886, No. *זיך א, פֿון העמד
= זײַן גרייט אויף אַלץ. „כאַצקל, זאָגט זי,
פֿאַנג זיך בעסער ניט אָן מיט דער אַלטער...
זי וועט זיך א, פֿון העמד“, פּעט, צווישן פֿײַערן.
2. פֿונאַנדערעפֿענען זיך, צעוויקלען זיך.
„נאָר מע זעט שוין בחוש אַז עס איז געגוג
איין קוש...זי זאָל אויפֿוואַכן, די רויז זאָל זיך
א“, פּרץ. 3. זיך אַנטוויקלען, זיך אויסקלאָרן.

„עס הייבט זיך אין מיר אָן אויסצוויקלען אַ
גערדאַנק: אפֿשר איז דאָס דער ריכטיקער
ענטפֿער...“, פּרץ.
אויסוויקלעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסוויקלונג (געדויערדיקע, מיט אָנשטרענגונג).
אויסוויקסן — טרוו. וויקס אויס, ~געוויקסט.
1. (סטאָליערײַ) אויספּאָלירן, מאַכן עס זאָל
שײַנען (מעבל). 2. אויסוועקסן, אויסוואַקסן.
אויסווירטשאַפֿטן — אוטוו. אַפֿט אויס,
-
~געווירטשאַפֿט. 1. אויסבעל־הבתעווען ←.
פּטרן (פֿאַרמעגן, כּוחות אע). שיין
אויסגעווירטשאַפֿט = מיאוס אויסגעפֿירט. 2.
קאָמאַנדעווען, אָנגעבן מעשׂים, אָנמאַכן אַ הקדש.
קורלאנד, זאַמעט. „זע, סאַראַ הקדש עס איז
געוואָרן אין שטוב! וואָס לאָזסטו די קינדער א,
וויפֿל זיי ווילן?“.
אויסווירע(נע)ן — טרוו. ־רע אויס, ~
געווירעט. פֿאַרענדיקן מאַכן ליניעס מיט אַ ווירע
(אויף אַ גאַנץ בלעטל, אין גאַנצן העפֿט). „די
העפֿטן האָט דער רבי פֿריִער אויסגעווירעט,
דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן דעם אַפּיר“.
אויסווירפֿלינג — דער, ־ען. דזוו
אויסוואַרפֿלינג, אויסווערפֿלינג ←. „אַז מע שמועסט

אַ כלי שלמה, אַן א, פֿון דער נאַטור", שע, ,
באַשערט אַן אומגליק'. [נר].
אויסווירצן — טרוו. ווירץ אויס, ~געווירצט.
1. דורכמישן דורך און דורו מיט געווירצן.
2. באַווירצן אַ צאָל אַלע) פֿון אַ גרופּע. ,,
פֿאַראַן קעכינס וואָס ווירצן אויס און ווירצן איבער
אַלץ וואָס זיי קאָכן".

אויסוועבן

אויסווירקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסווירקן. השפּעה, פּעולה,
רעאַגירונג. ,,מיר לערנען איצט וועגן דער א, פֿון
זײערסן אויף מעטאַלן,,.
אויסווירקן — טרוו. ווירק אויס, ~געווירקט.
אויך: ~ווערקן. האָבן אַ השפּעה;
אויספּועלן, אויספֿירן, באַאײַנפֿלוסן. א, עפּעס ביי
עמעצן. ,,די הייליקע נשמה איז קודש קדשים,
זי קען אים שוין אַרויסברענגען אַז ער זאָל
א, די תּשובֿה", ספֿר tיח ספֿוניס [לעמבערג,
מיטן 19. יה]. ,,ער פֿאָרט אין אויסלאַנד און
ווירקט אויס די אינטערוועניץ פֿון פֿאַרשיידענע
קרײַזן אויף אָפּשטעלן די פּאָגראָמען", לדבֿ.
אויסווירקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿון

זיך קומען צו אַ פּועל־יוצא אָדער רעאַגירונג.
,,עס וועט זיך א, אַזוי ווי מיר ווילן,,. 2.
קומען צו אַן ענד, ניט האָבן מער קיין ווירקונג.
,,די־די־טי האָט זיך אויסגעווירקט און פֿליגן
זײַנען געבליבן פֿליגן,,.

אויסוויש — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסווישן. 2. (טאָקערײַ) פּראָצעס פֿון אויסטאָקן
טיפֿער.

אויסווישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסווישן.

אויסווישן — טרוו. וויש אויס, ~געווישט.
1. ווישן ביזן סוף, טרוקן מאַכן (מיט אַ טיכל,
פּאַפּיר אאַ). א, כלים, דעם דיל, די אויגן אאַזוו.
,,אַ כלי אָדער אַ פּרי וואָס זי איז נאַס, טאָר
מען [אום שבת] זי ניט א, מיט אַ טיכל", לט2,
l/61. ,,אַזוי, אַזוי, וויש דיר אויס די אויגן
און גיי דיר — צו דײַן חבֿר דאָרט, דעם
שקאָץ", ממוס, ווינטשפּ. ,,[ער] האָט זיך
געשעמט, האָט ער זיך מיט דער האַנט די טרערן
אויסגעווישט און אָפּגעענטפֿערט: 'איך וויין
דען? איך וויין גאָרנישט", אַש, תּהילים־ייִד.
2. ריין מאַכן, אויסרייניקן, אויסשטויבן.
א, די ברילן, פֿענצטער, מעבל אאזוו. ,,דער נאָך
ליגט ער דאָש פֿלאשטר ווידר...און ווישט עז

אַך אויש און ליגט עש ווידר דרויף“, לט1,
2/78. „ווי פֿון אַ לאַנגן שלאָף האָבן זיך
דעמאָלט אויפֿגעכאַפּט די רויטע ייִדעלעך, זיך
אויסגעווישט די אויגן און געפֿרעגט: 'האַ?
וואָס?'...“, שע, מע᠎יות און פֿאַנטאַזיעס.
אויסווישערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויסווישן.
אויסוועבּ — דער, ־ן. פּראָדוקט וואָס ווערט
אויסגעוועבּט. א, פֿון אַ שפּין.
אויסוועבּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסוועבּן. „אַדאַנק די נײַע
מאַשינען איז גיכער געוואָרן די א, ווייניקסטנס
אויף אַ דריטל“.
אויסוועבּן — טרוו. וועבּ אויס, ~געוועבּט.
1. וועבּן ביזן סוף, פֿאַרענדיקן וועבּן.
אויסניצן דעם גאַנצן מאַטעריאַל. א, דעם גאַנצן
גאַרן פֿאָדעם אע. 2. מאַכן אַ פּראָדוקט דורך
—,
וועבּן. א, אַ טוך, אַ שטיק סחורה אַזוו. „
טאַקע נאָר גאָט קען א, אַזאַ קלייד, צו אים אָ
הללויה זינגט מען דאָרט מיט פֿרייד„, ממוס,
שירה. „עמעץ וועבּט מיט פֿעדעם גאָלד. וועבּ,
הימל אויס מײַן טרוים, מײַן גלויבּן“, סעג,
פּאָעמען. 3. אויספֿורעמען, געשטאַלטיקן,

אויסמאָלן. „מיך האָט אַ שטאַרקע האַנט

געאויסוועבן זיך

שלעפּט אין פֿינצטערניש און אויסגעוועבט פֿאַר
מיר דעם טאָל פֿון טויטע קנאָכן„, יהואָש,
'אין טאָל פֿון טויטע ביינער,. „און יעטוועדער
קלאַנג פֿון דײַן צערטלעכער שטימע...האָט
אויסגעוועבט טיף אין מײַן האַרצן אַ בענקען„,
דא, שטילע געזאַנגען. 4. אוטוו — ←
אויסוועפּן.
אויסוועבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿון
זיך, אָן אַ בכּיוון זיך שאַפֿן, זיך אויספֿורעמען.
„ווי אַזוי עס שפּינען זיך, עס וועבן זיך אין
אונדז אויס וואונדערלעכע חלומות", ממוס,
קליאַטשע. 2. ← אויסוועפּן זיד. „קאַמף מיט
חסידות וואָס האָט זיך כּמעט אויסגעוועבט שוין
אין זײַן צײַט", ליטווין.
אויסוועג — דער, ־ן. 1. אויסגאַנג, וועג
אַרויס, מיטל אַרויסצוגיין, זיך צו באַפֿרײַען.
זוכן (געפֿינען) אַן א'. „...די א'ן פֿון דער
ייִדישער יוגנט: קיבוץ, הכשרה, עליה",
שטריגלער פֿאַר אַלע זינדיקע מענטשן איז פֿאַראַן
. „ — —

אַן א, און אַ הילף — דאָס איז תּשובֿה‟, ר,
יוסף־יצחק שניאורסאָן, מאמר ראָש־השנה, נ״י
תּ״ש. 2. בּרירה, אויסוואַל, מעגלעכקייט.
האָבּן (ניט האָבּן) אַן (קיין) א'. *לעצטער א,
= קיין אַנדער בּרירה ניט פֿאַראַן. *ניט געפֿינען
קיין א, = ניט קענען (וויסן) ווי אַזוי
אַרויסצוגיין פֿון אַ שווערער לאַגע. ‚‚...די לאַגע פֿון

,

וועלכער ער האָט ניט געהאַט קיין א'‟, ספּ,
סודות. 3. אײַנפֿאַל, המצאה, פֿאָרטל,
קאָמבּינאַציע. ‚‚ער איז אַ דרייקאָפּ און אַ
קאָמבּינאַטאָר, אים וועט שוין אײַנפֿאַלן עפּעס אַן א'‟.
אוי'ס ווע'ג — פֿראַזע. צזוו מיט זײַן &
ווערן. ← אויס, נעגאַציע. נפֿרגל: אויסוועג].
אויפֿהערן דינען ווי אַ וועג. ‚‚דערצו איז נאָך
אַ מורא, עס זאָל אים ניט בּאַפֿאַלן אַ
שלאַקסרעגן אָדער אַ נאַסער שניי, און עס זאָל
אינגאַנצן אויס וועג ווערן‟, ממוס, שלמה.
אויסוועגלאָז — אַדי. אויך: אויסוועגסלאָז,
דטשמ. אַן א'ע לאַגע. וואָס איז אָן אַן
אויסוועג. ‚‚שלום־עליכם און שעקספּיר...די צוויי
גרויסע קאָמעדיאַנטן אין דער א'ער טראַגעדיע
וואָס הייסט וועלט‟, ייִט.
אויסוועגלאָזיק — אַדי. אויסוועגלאָז. דיק

ווערט צוגעגעבן כּדי צו מילדערן דטשמ פֿון
סופֿיקס ־לאָז].
אויסוועגלאָזיקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ,
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון ניט האָבן קיין
אויסוועג. „דאָס אַלץ דערגייט ביז א', און די
ליַדן דערגייען ביז צום אויפֿרײַס“, היימיש,
6 1958, No. „...ווענגן אים פּערזענלעך און די
א'ן פֿון זײַן שאַפֿן, האָב איך אַ סך מאָל
גערעדט“, ייִט, טאָג, 4 l961 III.
אויסוועגן 1 — אַקוזוו. וועג אויס, ~געוועגט.
טוו. מאַכן (אויסלייגן פֿאַרריכטן) אַ וועג.
,
„דעם שטעג פֿון צדיק זאָלסטו א'“, באר משה,
ישעיהו, כו, 7. “וועג אויס צום ערשטן אַוועג
צו דײַן הנהגה, אַזוי וועלן דײַנע עסקים
גראָטן,„ מט, משלי תּקע“ד, ד, 26.
אויסוועגן 11 — טרוו. וועג אויס, ~געוואויגן.
1. וועגן ביזן סוף, צעוועגן; אײַנטיילן אין
חלקים לויט וואָג; וועגן באַזונדער פֿאַר אַ צאָל.
א אַ זאַק צוקער (מעל). 2. אָפּמעסטן,
אויס,
פֿורעמען. „ער וועגט אויס זײַנע ווערטער„.

,,קהלת...האָט אויס גוואוֹגן אין אויס גקלערט
פֿיל שפּריח ווערטיר [= שפּריכווערטער],,, מס, קהלת, יבֿ, 9.

אויסוועגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אין פּראָצעס פֿון צעוועגן אַרויסקריגן מער. (היפּך פֿון אײַנוועגן זיך). אויף אַ זאַק (מעל) וועגט זיך אויס (מיט) אַ פּאָר פֿונט מער. ,,אויף וואָגשאָלן פֿון בײנערדיקע ווײַטן מיט רו שוין וועגט זיך אויס מײַן ליד", פּמ, סתּס.

אויסוועטן — . טרוו. וועט אויס, ~געוועט (אויך: ~געוואָטן). אַרויסקריגן עפּעס דורך אַ געוועט. א, אין פֿערדלעך אַ מטמון מיט געלט.

אויסוועטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. וועטן זיך מיט אַ צאָל (מענטשן), (אָדער) וועגן אַ צאָל (זאַכן, געשעענישן). ,,ער האָט אַ נאַטור, וואָסוועט גלײַך זיך אויסצוּוועטן מיט אַלע פֿרײַנד", רייד.

אויסוועטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוועטערן.

אויסוועטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געוועטערט. אויסלופֿטערן, דורכלופֿטערן. א, אַ ציי ער, בגדים, ספֿרים אאזוו. דורכפֿירן אַ

דעזינפֿעקציע. „דער דבֿר האָט לקצת אויף גיהערט
האָט זיא איר בּית וואָלין ווידר בּיוואונין אונ,
לאזין אויז ווערטין איר זאכין„, גה, 31.
אויסוועכנען — טרוו. ־נ(ע) אויס, ~
געוועכנעט, ~געוועכנט. דזוו אויסוויכנ(י)ען ←.
אויסוועלבּן — טרוו. וועלבּ אויס, ~געוועלבּט.
מאַכן אַ געוועלבּ, אַן אַרקע. א, דעם הימל,
אַרקעס, טויערן. “און גאָט האָט אויסגעוועלבּט
דעם הימל־געוועלבּ“. „אויסגעוועלבּט אַ בּריק
אַ זוניקע“, חג
אויסוועלגערן — טרוו. ־גער אויס, ~
געוועלגערט. 1. פֿאַרענדיקן דין מאַכן טייג פֿאַר
לאָקשן פֿאַר געקעכטסן און געבּעקסן. א,
טייג אויף לאָקשן, מצות, קיכלעך אאַזוו. א,
לאָקשן, מצות, קיכלעך אאַזוו פֿון טייג.
2. אויסקײַקלען אין עפּעס. דזוו אויסוואַלגערן.
אויסוועלגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו
אויסוואַלגערן זיך ←.
אויסוועלט — די, ־ן. נעאָל. ווײַטע,
דרויסנדיקע וועלט; וועלט מחוץ דעם איך. “אין מײַן
אינוועלט, אין מײַן א, האָט זיך שווער בּאַזעצט
אַ טויבּער נעפּל“, קוו. „און ווידער רופֿט און
מאָנט דאָס האַרץ מיט ווײַטע א'ן זיך העפֿטן“,

האָפּ, געזאַמלטע ווערק. אין מצ: ווײַטע וועלטן; וועלטן מחוץ דער וועלט. „אויף וועלט און א'ן מײַן צער הייבט אָן צו וואַקסן“, אָשר שוואַרצמאַן. “וועלן לעבעדיקע מענטשן זיך אַרויסלאָזן אויף די ערשטע נס▯עות קיין א, — עלעהיי מע פֿאָרט הײַנט קיין אויסלאַנד“, דר, וואַלאַך, טמז, 21 ▯ 1960 .III

אוי'ס ווע'לט — פֿראַזע. צזוו מיט זײַן & ווערן. ← אויס, נעגאַציע. 1. אומפּ. ביטער, גאָר שלעכט, אָן אַן אויסוועג. „קיין גראָשן ניטאָ בײַ דער נשמה, קיין אויסקוק אויף פּרנסה איז אויך ניטאָ, איך זאָג אײַך — ס'איז אויס וועלט!“. 2. זייער פֿאַרדאָרבן, קעגן די (אָנגענומענע, אײַנגעשטעלטע) געזעצן און פּירונגען. „אַז די וועלט האָט געקענט צוזען

אויסוועפּן זיך

ווי מע ברענגט אונדז אום, צוזען און שווײַגן, איז עס טאַקע אויס וועלט“.

אויסוועלטיש — אדי. 1. וואָס איז ווײַט אָדער מחוץ די ראַמען פֿון דער וועלט. א'ע ווײַטן. 2. וואָס איז בלויז גײַסטיק,

רוחניותדיק. א'ע געשטאַלטן.
אויסוועלן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. וועלט אויס, ~געוועלט. פּד, אוקר. אַריבּעררינען די בּרעגן פֿון כּלי בּײַם אויפֿקאָכן מילך. די מילך האָט אויסגעוועלט.
אויסוועלן זיך — אוטוו, דריטפּערזאַניק. ווילט זיך או ס, זיך ~געוואָלט (~געוועלט, לר, זאַמעט). 1. פֿאַרוועלן זיך, בּאַגערן עפּעס אויסטערלישס. דאָס טעלערל פֿון הימל ווילט זיך אים אויס. 2. וועלן פֿאַרשיידענע (אַ סך) זאַכן. יעדן טאָג האָט זיך אים אויסגעוואָלט עפּעס אַנדערס. 3. אויפֿהערן צו וועלן. דער חשק איז שוין אַריבּער, עס האָט זיך שוין אויסגעוועלט.
אויסווענדזלען — טרוו. ־דזל אויס, ~ געווענדזלט. פּר. דזוו אויסוויאָנדזלען ←.
אויסווענדיק — אדוו. ארכ. דזוו אויסווייניק ←. „וועלכר תּלמיד חכם וואָס אינווענדיג ניט איז אַז אוישוועגדיג איז ער קיין תּלמיד חכם ניט„, עיון 1/40.
אויסוועפּ — דער. מצ נבֿ. נעאָל. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסוועפּן (זיך). „דאָס ניכטערע, שטאָל.גרויע וואַסער. .א, פֿון זײַן רויטן בּגילופֿין“, צײַט, געזאַמלטע לידער I.

אויסוועפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסוועפּן. „אַ, פֿון אַלקאָהאָל קען
אויך שיכּור מאַכן“.
אויסוועפּן — אוטוו. וועפּ אויס, ~געוועפּט.
(זייער אָפֿט אין פּאַס). 1. בּיסלעכווײַז
צעגיין אין דער לופֿט (וועגן אַלקאָהאָל). „אַ
האַלבּע פֿלאַש אַלקאָהאָל האָט אויסגעוועפּט, ווײַל
דו האָסט ניט פֿאַרקאָרקעוועט“, רייד. 2
פֿאַר.
לירן לכתּחילהדיקע שטאַרקייט, טעם אָדער
ריח. ווײַן, מעד, בּיר וועפּן אויס. „דער...
אַראָמאַט לאָזט זיך ניט א', אַפֿילו ווען מע
צעלאָזט אים אין אַן אייגענער פֿרײַער
איבּערדיכטונג“, נחום בּאָמזע. 3. פֿאַרלירן שאַרפֿקייט
פֿון גײַסטיקע פֿעאיקייטן (פֿון לײַונשאַפֿטן,
שיטות, אײַנשטעלונגען). „אויף דער עלטער
האָט אויסגעוועפּט זײַן שאַרפֿזין און זײַן
הומאָר“. „די אַלץ...אויסגעוועפּט געוואָרענע
שׂנאה...פֿון דער אַנדערער זײַט האָט מיט דער
צײַט דערנענטערט די ווײַטערע„, ממוס, שלמה.
„ר, מענדעלע האָט געזען ווי דאָס חסידות
ווערט אויסגעוועפּט, נישטאָ מער קיין
אינהאַלט, קיין תּוך“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
4. בּיסלעכווײַז ניט ווערן (פֿרגל בּ1). „דאָס

קאַפּיטשקעלע תּורה וועפּט אויס כאָטש ער
באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ אַרמלקע,,, צעד.
י

אויסוועפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסוועפּן
פֿון זיך. ,,אַז מע זיצט אָן אַ היטל, וועפּט זיך
אויט די תּורה“, פֿגל. ,,דער חסידישער גײַסט
דועט זיך אויסוועפּן צוליבֿ השׂכּלה“, יק. דאָך
בּורזשואַזע שוואַכקייט האָט בײַ אים זיך שוין
אין היץ פֿון רעוואָלוציע אויסגעוועפּט“,
ליעמין, 'דער קאָנספּיראַטאָר'.

אויסוועפּ(עוד)יק

אויסוועפּ(עוד)יק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט
אַ טבֿע (זיך) אויסצוּוועפּן.
אויסוועפּ(עוד)יקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסוועפּיק.
אויסוועצ(ע, עווע)ן — טרוו. וועץ (־צע,
־צעווע) אויס, ~געוועצ(ע, עווע)ט. 1. (
שלײַפֿערײַ) אויסשמירן שאַרפֿשטיין מיט פֿעטס.
2. (שוסטערײַ) באַשמירן פֿאָדעם מיט פֿעטס
פֿאַרן אַרײַנציִען אין נאָדל אָדער אין
אויסגענאָלטע לעכלעך.
אויסוועקסלען — טרוו. ־סל אויס, ~

געוועקסלט. פּר. אַרכ. אויסבײַטן. „ווען איין גוי וויל אַ משכּון אויז ווועקסלן אם שבּת טאָר מן אים וואול אויז צו ווועקסלן געבּן...“, לט1, 1/69.
אויסוועקסן — טרוו. וועקס אויס, ~געוועקסט.
אויסשמירן (בּאַדעקן) מיט וואַקס (אָדער מיט עפּעס וואָס איז ענלעך צו וואַקס). א, די דילן.
אויסווערבּירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־ווערבּירט פֿאַרענדיקן ווערבּירן אָדער אַרײַנ.
קריגן אַ צאָל ווי מיטגלידער אין אַ גרופּע.
„א, די חבֿרים אין דער פּאַרטיי“. א, די נייטיקע צאָל זעלנערס.
אויסווערגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסווערגן.
אויסווערגן — טרוו. ווערג אויס, ~געוואָרגן.
דערווערגן, דערשטיקן אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. „אַ קאַץ זאָל האָבּן פֿליגל, וואָלט זי אַלע פֿייגעלעך אויסגעוואָרגן“, שוו.
אויסווערגעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסווערגונג (געדויערדיקע, מאַסנדיקע).
אויסווערזען — טרוו. ־זע אויס, ~ געווערזעט. אוקר. 1. אויספּלאַפּלען (מיט שטאַרקן ביטול); אַרויסזאָגן עפּעס שיכּורערהייט, אין היץ. „ער איז ניט בּײַם פֿולן זינען, ניטאָ זיך

וואָס צוצוהערן צו דעם וואָס ער ווערזעט אויס“.
2. אויסמייקע(נע)ן, אויסמקיאן. אַרויסבּרענגען צוֹאה. גראָבּ. „זיך אָנגעפּרעסן, זיך אָנגעזויפּט און אויסגעווערזעט“.
אויסווערט — אַדוו. אַרכ. פֿון דרויסן;
אויסווייניק. „אויז ווערט אורטיילן מיט פֿר שטאַנד...“, מאָרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ“ד.
אויסווערטיק — אַדי. דטשמ. דרויסנדיק, אויסלענדיש. „מיניסטער פֿון (פֿאַר) א'ע אָגגעלעגנהייטן“ — אַ סך מאָל אין קמ און ייִפֿאָל.
אויסווערטלען —, טרוו. ־טל אויס, ~ געווערטלט. 1. עפּעס אַרויסקריגן, פּועלן דורך ווערטלעך, וויצן. „מיר פֿאַרשטייען זיך אויף דיר, דו וועסט קיין זאַך בײַ אונדז ניט א'“.
2. דורך ווערטל־זאָגערײַ אַרויסבּרענגען געפֿיל. „דער ייִד ווערטלט אַמאָל אויס זײַן אומבּאַהאָלפֿנקייט“.
אויסווערטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. קזוו. דורכווערטלען זיך, צעווערטלען זיך מיט עמעצן. אַ ביסל זיך א', אָבער זיך ניט צעקריגן. 2. אויפֿהערן (ניט קענען מער ווערטלען זיך. „גענוג וויצן דערציילט, גענוג ווערטלעך געזאָגט, איך האָבּ זיך שוין אויסגעווערטלט“, רייד.

אויסוווערטס —. אַדוו. דטשמ. צו דרויסן צו, פֿון דרויסן; פֿון דער פֿרעמד.
אויסוווערטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געווערטערט. נעאָל. אַרויסברענגען ווערטער,

אויסניצן אַ סך ווערטער; אויסדריקן אין ווערטער. „אויסגעווערטערט אַלע ווערטער, זיך דעררעדט ביז גאָט אַליין, און געבליבן אַזוי קליין, און געבליבן בײַ די ווערטער“, צײַט, געזאַמלטע לידער II.
אויסוווערן — אוטוו. (איצ, אימפּ — ניטאָ), ~געוואָרן. 1. אויסזײַן. „אין דעם נײַעם לאַנד בין איך געווען אַ שיק־ייִנגל, דעתאָך אַ פּאַקער, געוואָרן אַ קירזשנער, געוואָרן אַ שנײַדער, און ווער ווייסט וואָס איך וועל נאָך א'„. 2. ווערן אויס. „און אַז ער איז אויסגעוואָרן אַ פֿאַרוואַלטער, האָט ער אויך געהאַט...“, חה, 271. „ווען די אַלע זאַכן [= באָד, ביקורחולים, תּלמוד־תּורה אאַ] וואָלטן יאָ געווען, וואָלט אונדזער גאַנצע ייִדישע [קהילה] אויסגעוואָרן אַ היגע“, וויִפּאָל, 46 1884, No.

אויסוווערעמען — טרוו. ־עם אויס, ~ געווערעמט. 1. אָנפֿילן מיט ווערעם, מאַכן עס זאָלן זײַן ווערעם. „מיר האָבן באַגראָבן די פֿאַראַיאָריקע בלעטער, באַשאָטן מיט אָפּפֿאַל, דערנאָך האָבן רעגנס אויסגעווערעמט דאָס שטיקל ערד“. 2. באַפֿרײַען, אויסרייניקן פֿון ווערעם. צעשנײַדן און א, די עפּל.

אויסווערסונג — דאָס, ־ען. לאָקל (פּיאַסק, לובלינער קרײַז) דזוו אויסוואָרף ←.

אויסווערפֿלינג — דער, ־ען. אויך: ~ וואַרפֿלינג (~ווירפֿלינג). אויסוואָרף, דער וואָס דאַרף מחמת זײַן אוממאָראַלישקייט

אַרויסגעוואָרפֿן ווערן פֿון דע געזעלשאַפֿט פֿאַר

„.

[איר], כאָטש זי איז דאָך גאָר אַן א, זועל איך שווערן אַז זי איז קיין גנבֿ ניט“ פֿאַרוואָס

,

זאָל דאָס מײַן הויז...דורך אַזוי אַן א, קומען אין לײַטישע מײַלער אַרײַן?“, עט, סערקעלע.

“דעם א', דעם ניקס, איז דווקא גוטס באַשערט„,

זלמן סאָבעל, זווגים, וואַרשע 1874.
אויסוועפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~
געווערפּלט. לר. עפּעס באַשטימען דורך (וואַרפּן)
אַ ווערפּל. „מע דאַרף איבערגיין, מיר ביידע
האָבן אויסגעווערפּלט זיבן“.
אויסווערקן — טרוו. ווערק אויס, ~געווערקט.
דזוו אויסווירקן ←. „און וואָס איין טראָפּן
וואַסער קען א, אין איין פּעלזן“, חה, 142.
אויסוועשן — טרוו. וועש אויס, ~געוועשן.
ארכ. דזוו אויסוואַשן ←. „אַך טאָר מן קיין
כּלי ניט אויש וועשן מיט זאַלץ אודר מיט
קרייד..., אודר מיט ווין שטיין“, לט1, 2/75.
“...מן האָט די גידערם און די פּונץ אויש
גיוועשן גאָר ריין“, דאַרטן, 1/54.
אויסוואָזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~
געוואָזשעט. סל. דזוו אויסוואַראָזשען ←.
אויסזאַאיקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויט,
~(גע)זאַאיקעט. סל. מיט שוועריקייטן,
שטאַמלענדיק, אַרויסברענגען עפּעס. א, אַ פּאָר
ווערטער.
אויסזאַאיקע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
פּאַרענדיקן ריידן שטאַמלענדיק. “דער
גערעאָטענער רעדנער האָט זיך אויסגעזאַאיקעט פּאַר
אַ האַלב־לײדיקן זאַל“, רייד.

אויסזאַבאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~
זאַבאָרעט. פּר. סל. אַרויסנעמען; אַרויסגנבֿענען.
,,פֿאַרשליסן די שטובֿ וועט ניט העלפֿן, ער האָט

אויסזאָגן

אַזעלכע שכנים וואָס וועלן שוין א אַ האַלבֿע

,

שטובֿ“.
אויסזאָג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסזאָגן.
דאָס אויסגעזאָגטע. ,,ווען איר דען הורג נאָו
דער מאַט [= מאַד, מויד] איר אויז זאָג בפֿינדין
העט, זוא לאָט מיך ווייטיר זארגין“, גה, 242.
אויסזאָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזאָגן.
אויסזאָגן — טרוו. זאָג אויס, ~געזאָגט.
1. זאָגן ביזן סוף, דורכזאָגן. א, דעם
גאַנצן (יום) תּהילים. א, נאָך אַ מאָל.
,,קענים יוֹא אימצר אויס זאָגן וואָס
נאָך אים ווציך טון אונטער דער זון“, מס,
קהלת, ו, 12. ,,און דערנאָך זאָל ער מתפּלל
זײַן די בקשה שטייענדיק און בוקנדיק ביז
צום סוף, דאָס הייסט. ביז ער וועט זי א,

'
אינגאַנצן", חה, בּ, 345. 2. אַרויסזאָגן,
אַרויסבּרענגען. „דאַרום טאָר קיין דיין ניט פֿערכטן
פֿר קיין בּיזן מאַן, אונ ער מוז דען פּסק
אויז זאָגן ווען ער דען פּסק ווייש", לט1, 2/100.
„טושטו אין דען דין בּקי זיין אַז ווי גיוויש
איז אלי מאָרגן דער מאָרגן שייאן, זוא
מאגשטו דען דין אויש זאָגן", עיון, 2/9. „דר נאָך
היבּ אויף דאש בּעקין מיט דיין לייט אין הויז
אונ, זאָג כּהא לחמא עניא אויז", stoה 6 ,II.
„דער טאָג איז גרויס און די וואָך איז לאַנג —
איז דאָ עפּעס אויסצוזאָגן און אויסצוקל▯אָגן",,,
י. מ־ ניימאַן, שבּת־אויבּס.
3. דערציילן אַ סוד אָדער וואָס מע דאַרף
(וויל) האַלטן בּסוד. „דער שפּיגל זאָגט אויס
דעם אמת", שוו. „דאָס פּנים זאָגט אויס דעם
סוד", שוו. „נון וויל איך אנהיבּן דען
אכצעהנטן פּרק. דר ווערט רידן דש קיינר זאַל
זיין חבֿרש סוד אויז זאָגן", לט1, 1/174.
„נאָר ער זאָגט די זינד ניט אויס", נחום בּאָמזע.
„די דריטע נאַכט האָט אויסגעזאָגט: דו בּיסט
אַוועקגעפֿאָרן", ראָלניק, געקליבּענע שריפֿטן.
*א, פֿון חדר = אַרויסגעבּן וואָט עס טוט זיך
אין אַ געשלאָסענעם קרײַז. „בּאַדאַרף מען אויף

אים אָנרייצן די ייִנגלעך, זיי זאָלן אים מאַכן:
'בּע, בּע, שיינער בּחור! ער זאָגט אויס פֿון
חדר!'", ממוס, קליאַטשע. 4. פֿאַרמסרן,
איבּערגעבּן עפּעס עמעצן וואָס האָט מאַכט. „דרום
האָט ער זיך מיישבֿ געווען, ער וועט א, דעם
מלך און...האָט געזאָגט דעם מלך אַז מע
האָט זיך אויף אים געבּונטעוועט", נחבּ, טו/ד.
„האָט געשיקט דעם אַסעסאָר צום גלח אַז
יענער...זאָל א, וועלכער פּויער האָט אים דעם
שטעקן געגעבּן", יק. 5. (ט, אין דרדקי־חדר)
אויסרעדן, אַרויסרעדן. *א, דעם שוא (שוואָ)
[אַרויסגערעדט אויך: שיי'ווי] = אַרויסרעדן
דעם שוא אין מיטן וואָרט. „אַז עס שטייט אַ
שיוויי אין אָנהייבּ וואָרט — וואָס טוט מען
מיט אים? — מע דאַרף אים צוכאַפּן. — אַז
עס שטייט אַ שיוויי אין מיטן וואָרט, וואָס
טוט מען מיט אים? — מע דאַרף אים
אַריבּערשפּרינגען", יש. „[ער] יאָגט זיי איבּער
אין לערנען. אָט האָט ער ערשט געהאַלטן
בּײַ קמץ־א און ער האַלט שוין בּײַ עקווערטער.
און גאָרניט לאַנג שפּעטער ער זאָגט שוין
אויס דעם שוא", י. א. מרגליות, אַמעריקאַנער,
.I 19▯ 3▯

אויסזאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַרויסזאָגן זיך. אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן. „עס האָט זיך אים געוואָלט עפּעס רעדן, דערציילן, אויסזאָגן זיך“, אַר.
אויסזאַדושען, ־דישען — טרוו. ־שע אויס, ~זאַדו(־די)שעט. פּר, אוקר. סל. אויסוועדגן, דערשטיקן. „דער טכויר האָט אויסזאָדישעט אַלע הינער“.
אויסזאַווערוכען (זיך) — אוטוו. ־כע (זיך) אויס, (זיך) ~(גע)זאַווערוכעט. אויפֿהערן זאַווערוכען.
אויסזאָט — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס פֿאַרבלײַבט נאָכן אויסזידן, אײַנזידן (אַ פֿליסיקייט). „נעמט ים־וואַסער און זידט עס, פֿאַרבלײַבט אין טאָפּ אַן א, פֿון זאַלץ“. 2. דאָס וואָס רינט אַריבער בײַם זידן. „דער א, פֿון מילך האָט פֿאַרשפּרייט אַ מאָדנעם ריח“.
אויסזאָטלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזאָטלען. ”די א, פֿון די פֿערד טאָר ניט געדויערן מער ווי צען מינוט“.
אויסזאָטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געזאָטלט. 1. אָנטאָן אַ זאָטל אָדער זאָטלען. א, אַלע

פֿערד און גלײַך אַװעקפֿאָרן. 2. אויסטאָן, אַראָפּנעמען אַ זאָטל אָדער זאָטלען. אָפּשטעלן זיך און אַ, דאָס פֿערד. 3 פֿאַרזאָרגן מיט
.
זאָטלען. אַ, דעם גאַנצן פּולק.
אויסזאָטלען זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. זיך צוגרייטן צו עפּעס; זיך באַוואָרענען מיט נייטיקע באַװײַזן. „זײַן אַדוואָקאַט האָט זיך גוט אויסגעזאָטלט מיט די געהעריקע דאָקומענטן".
2. זיך אַװעקזעצן (ווי) אויף אַ זאָטל. „זאָטלט זיך או�ף בלום די בין אויס", פּמ, סתּס.
אויסזאָטן — טרוו. זאָט אויס, ~געזאָטן. לר.
אויסזידן, אויסקאָכן (ספּעציעל בײַ פֿאַרשיידענע אַרבעט־פּראָצעסן; אַ, זייף, סמאָלע; אַ, אין אַלון־וואַסער אאַ).
אויסזאָכן — טרוו. זאָך אויס, ~געזאָכט.
אויסקרענקען. אַ, די אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע רובל. קללה: „אַז אַ, זאָל ער עס, גאָטעניו!".
אויסזאַלבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזאַלבן.
אויסזאַלבן — טרוו. זאַלב אויס, ~געזאַלבט.
1. אויסניצן די גאַנצע זאַלב. אַ, די גאַנצע פּושקע זאַלב. 2. אויסשמירן מיט זאַלב. אַ,ביידע פּלייצעס. 3. זאַלבן אַ צאָל (בײַ דער

צערעמאָניע פֿון מאַכן פֿאַר אַ מלך). א, די
אימפּעראַטאָרן פֿון דער 'הייליקער רוימישער
אימפּעריע פֿון דער דײַטשישער נאַציע'.

אויסזאָל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אויס, ~
געזאָל(י)עט. 1. אויסשווענקען, דורכשווענקען
מיט זאָלע, אַש־וואַסער, לויג. 2.
אויסקרענקען. קללה: „אַז א, זאָל ער אַלץ וואָס ער האָט
אַראָפּגעריסן פֿון מיר“.

אויסזאָליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. משתּין
זײַן, גראָבֿ. (אין פּד וועגן פֿערד —
אָנגענומענער אויסדרוק).

אויסזאַלפּן — אוטוו. זאַלפּ אויס, ~געזאַלפּט.
אויסשיסן מיט איין מאָל פֿון אַ צאָל (
קאַנאָנען, האַרמאַטן). א, 21 מאָל.

אויסזאַלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזאַלצן.

אויסזאַלצן — טרוו. זאַלץ אויס, ~געזאַלצט,

~געזאָלצן. 1. זאַלצן ווי געהעריק, ביזן
סוף; זאַלצן יעדע זאַך באַזונדער. א, אַלע
מאכלים, די פֿיש. “זאָל זיך יעדערער אַליין א,
די זופּ ווי ער וויל“. 2. האַלטן באַזאַלצן אַ

געוויסע צײַט. „דאָס פֿלייש איז שוין אויסגעווייקט, איצט דאַרף מען עס א.“ (בײַם כשר מאַכן פֿלייש, האַלטן באַזאַלצן אַ שעה צײַט).
3. אויסניצן די גאַנצע זאַלץ. א, דאָס גאַנצע מעסטל זאַלץ.

אויסזאַמדיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געזאַמדיקט. מאַכן זאַמדיק (ברודיק). „זאַמדיקט ניט אויס די דילן“.

אויסזאַמדן — טרוו. זאַמד אויס, ~געזאַמדט. באַשיטן מיט זאַמד (בכיוון, צוליב ריינקייט). אויסקערן דעם פּאָל און אים א, מיט ריינעם זאַמד.

אויסזאַמלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזאַמלען.

אויסזאַמלען — טרוו. ־מל אויס, ~געזאַמלט. פֿטמ. 1. אויפֿזאַמלען, צונויפֿזאַמלען (אַלץ, וויפֿל נאָר מעגלעך). א אַלע בעלי־מלאָכות און,
זיי אַרײַננעמען אין פֿאַרבאַנד. 2. אויסקלײַבן, אויסזאָרטירן, אויסשטעלן אין אַן אָרדענונג. „ער זאַמלט אויס די גאַנצע קופּע זאַכן אין באַזונדערע קופּקעלעך“.

אויסזאַמען (זיך) — אוטוו. זאַם (זיך) אויס, (זיך) ~געזאַמט. לד. אָפּזײַן, איבערשטיין

ערגעץ אַ לענגערע צײַט. „אין איין שטעטל האָט
ער זיך אויסגעזאַמט גאַנצע דרײַ וואָכן„.
← אוי זוימען זיך.
אויסזאַנסטן — טרוו. זאַנפּט אויס, ~
געזאַנפּט. מאַכן זאַנפּט, מילד, ווייך. א, טייג
מיט מילך, פּוטער.
אויסזאַפּאַסעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~(גע)זאַפּאַסעוועט. סל. פּאַרזאָרגן מיט
גרויסע אָנגרייטן. א, די וואָס ווינטערן איבער בײַם
צפֿון־פּאָל.

אויסזאַסטיקן — טרוו זאַפּטיק אויס, ~
געזאַפּטיקט. מאַכן זאַפּטיק. א, מיט ווײַן, אייל,
פֿעטס אע.

-

אויסזאַסטן — טרוו. זאַפּט אויס, ~געזאַפּט.
נעאָל. אַרויסקוועטשן זאַפּט. א, מאַראַנצן,
גרייפּפֿרוכט אאַ.
אויסזאַץ — דער, ־ן 1. אויסשיט, אויסשלאָג,
צרעת. אַן א, אויף די הענט. 2. (
דרוקאַרבעט) דאָס וואָס איז אויסגעזעצט; אופֿן

אויסזעצן אָדער אויסשטעלן דאָס
אויסגעזעצטע. דער א, פֿון דעם אַנאָנס. 3. ספּעציעלער
מין זאַץ, גרויסע אותיות. סידור־א'.

אויסזאַראַזע(נע, ווע)ן — טרוו. ־זע(ווע)
אויס, ~(גע)זאַראַ'זע(ווע)ט. סל. אָנשטעקן
מיט אַ קלעפּיקער קראַנקייט אַ צאָל, אַלע פֿון
אַ גרופּע. „ער האָט געקראָגן טיפֿוס און
אויסגעזאַראַזעט דעם גאַנצן באַראַק“.

אויסזאָרגן — טרוו. זאָרג אויס, ~געזאָרגט.
1. דערגרייכן עפּעס דורך זאָרגן. „וואָס וועסטו
א'?“. 2. באַזאָרגן אַ צאָל (אַלע) מיט עפּעס;
פֿאַרזאָרגן. (גאַליציע). „□ר האָט אונדז אַלע
אויסגעזאָרגט מיט בילעטן און מיט שפּייז
אויפֿן וועג„. 3. באַפֿרייען דורך זאָרגן (זיך);
אויפֿהערן זאָרגן. “זונשטין עבֿירות וואַש גשיכט
פֿר בורגין קאַן מן ניט אויז זורגין“, □ה II,

אוימזויגונג

יח. אוטוו — אויפֿהערן אָדער ניט דאַרפֿן
(וועלן) מער זאָרגן. „־—נאָר אַ גט! — און פֿון
וואָס וועט אַזאַ פֿרוי לעבן? — אויסגעזאָרגט
פֿאַר איר! — דאָס איז ניט קיין תּשובֿה“, י.
פּערלע, גילדענע פּאַווע.

אויסזאַרגען — ← אויסזרקע(נע)ן.
אויסזבענקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געזבענקעט. אויסהאַקן, אויסקלאַפּן מיט אַ גערויש, געטומל. „אויסגעזבענקעט די שויבן“, ל. ראַשקין, די מענטשן פֿון גאָדליבאָזשיץ.
אויסזבַלען — [...זע▯ וולען...זאַוולען] טרוו. זבַל אויס, ~געזבַלט. פּאָד, א״י. באַמיסטיקן. „די פֿעלדער זײַנען שוין אויסגעזבַלט“.
אויסזגורען — טרוו. ־רע אויס, ~געזגורעט.
סל. אַרויסקריגן אין פֿאָרויס, קריגן אַן אַדערויף. „אַ שיינער מענטש! אויסגעזגורעט אונדזערע זלאָטעס און די תּבֿואה ניט צוגעשטעלט“.
אויסזדראַסט(וו)עווען (זיך) — אוטוו.
־ט(וו)עווע (זיך) אויס, (זיך) ~
געזדראַסט(וו)עוועט. רוסיצ. טומלדיק באַגריסן זיך מיט אַ צאָל. (געוויינטלעך שפּאַסיק, איר). „אַז ער וועט אָנקומען, וועט ער זיך א, מיט יעדערן באַזונדער“.
אויסזוברעווען — טרוו. ־רעווע אויס, ~
געזוברעוועט. 1. אויסלערנען, אײַנלערנען, אײַנחזרן (אויף אויסווייניק). א, פֿאַרן עקזאַמען.
2. אויסרעדן אַ סך איבעריקע רייד.
אויסזודיקן — טרוו. ־יק אויס, ~געזודיקט.

נעאָל. מאַכן זודיק. אויסרייניקן, אָפּבריִען מיט זודיק וואַסער. „מע דאַרף א, אַלע אינסטרומענטן“.
אויסזודע(נע)ן — טרוו. ־דע אויס, ~ געזודעט. וורר. סל. אָנרייצן, צערייצן. א, אַ הונט. “אַפֿילו ניט קיין בײַסיקן הונט קען מען א, — און אַ מענטשן אַוודאי“, רייד.
אויסזוואָליען זיך — אוטוו. ־ליע זיך אויס, זיך ~געזוואָליעט. וורר. סל. באַנוצן זיך, אַרויסהעלפֿן זיך (מיט עפּעס). „קען איך זיך א, מיט אײַער האַמער און האַק?“
אויסזוו(י)אַקען — אוטוו. ־קע אויס, ~ געזוו(י)אַקעט. וורר. סל. אויסקלינגען, אויסקלאַפּן. א, מיטן בונט שליסלען.
אויסזוי... אויב מע געפֿינט ניט אויסזוי... ← אדיסזיי..., אדיסזײַ...
אויסזויבערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזויבערן.
אויסזויבערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געזויבערט. אויך מיט ז י ך. אויסרייניקן, ציכטיק מאַכן ביזן סוף, ווי געהעריק פּיג: א, פּירונ.
גען, אידייען, געזעצן אע. „נעמען אַ קלאָרן אַנטיסעמיטישן שפּײַ און אים לאָזן א', אַז

ס'וועט דערפֿון ווערן אַ פּערפֿום־שפּריץ,,, יג,
טמד, 22 XI 1959. ,,קיום האומה האָט זיך
אַפֿילו אינעם קורצן...גלות בבֿל
אויסגעזויבערט‘‘, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש.
אויסזויגונג — די, ־ען. פּפֿ: ~זייגונג.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזויגן.
עקספּלואַטאַציע. ‘‘צי קען מען פֿאַרמײַדן די
מאָדערנע ווירטשאַפֿט־פֿאַזע מיט דער א, און
לײַדן — די סיסטעם, די בורזשואַזע‘‘, אַל,
אַ דועל'.
,

אויסזויגן

אויסזויגן — טרוו. זויג אויס, ~געזויגן.
(אויך: ~געזויגט). 1. זויגן (אַ קינד) ווי
געהעריק, ביז לעצט, די גאַנצע נייטיקע צײַט.
א אַ קינד גאַנצע צען חדשים. ,,איז איר אָבער
,
שווער אַליין א, ביידע קינדער, האָט זי נעבעך
געמוזט דינגען אַ צוזויגערין‘‘, שע.
2. אַרויסציִען דורכן זויגן (די גאַנצע מילך,
פֿליסיקייט בכלל). ,,דאָס קינד האָט
אויסגעזויגן ביידע בריסטן‘‘ (דאָס גאַנצע פֿלעשל).

„דעם גיפֿט פֿון יאוש זויג איך אויס פֿון דײַנע וואונדן“, חג, שײַן פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן.
3. אַרויסצײַען אַ פֿליסיקייט. א, אייטער פֿון אַ וואונד. א, בראַנפֿן פֿון פֿלעשל ביזן לעצטן טראָפּן. *א, בלוט = אויך: אָפּשוואַכן דורכן אויסניצן, אונטערדריקן. א, ווי אַ פּיאַווקע. „פּיאַווקעס זויגן אויס אונדזער בלוט“, ממוס, ווינטשפֿ. *א, דעם לעצטן טראָפּן בלוט = זייער שטאַרק אויסניצן, צעפּײַניקן.
4. ביז לעצט אויסניצן, עקספּלואַטירן. אַרויסנעמען (אַרויסצײַען) זאַפֿטן, כּוחות. א, די אַרבעטער, די קנעכט. „צו דעם זויגין אין דיא ברלינער מיט ריבּותים אויז“, גה, 218. „דרייען זיך נאָר און זויגן אַנדערע אויס“, ממום, שירה. „האָסט ירושלים געטרונקען און אויסגעזויגן ביז עס [איז] גאָרניט איבּערגעבּליבּן“, ישעיה, פּירוש עבּרי־טײַטש, לעמבּערג, 1877. “ אויסגעזויגן דלילהס שיינקייט האָט דער שלומערדיקער שמשון“, יהואָש. „ס'האָט דער ווינטער יעדן זאַפֿט אויסגעזויגן, יעדע קראַפֿט„, אַר, 'צום פֿרילינג'. „די ערד האָט פֿון זיי זייער הימל געזויגט, אויסגעזויגט“, מל, 'משה־לייבּ'. *א, דעם מאַרך פֿון די ביינער = שטאַרק אויסמאַטערן.

5. אַרויסקריגן אַ ידיעה פֿון וואַנעט האָס. „
טו עס אויסגעזויגן?“ *א, פֿון פֿינגער (פֿון אַרבל) = אויסטראַכטן. „אַ ייִד אַ בעל־הבית שווערט זיך מיט אַזעלכע שבֿועות, וועט ער מן הסתּם פֿונעם פֿינגער ניט א'“, שע, קליינע מענטשעלעך.
6. אַרויסציִען (שטויב, ריחות אאַ) מיט אַן אַפּאַראַט.
אויסזויגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס זויגט אויס. אונטערדריקער, אויסניצער, עקספּלואַטאַטאָר. 2. אַפּאַראַט וואָס זויגט אויס מילך.
אויסזויגערײַ — די & דאָס, ־ען (זן).
1. אַרבעט, באַשעפֿטיקונג, פּראָפֿעסיע פֿון אויסזויגער. 2. נעאָל. אָרט וואו מע מעלקט מיט אַפּאַראַטן (מיטן אַרטיקל ד י).
אויסזויגעריש — אַדי. וואָס איז ווי אַן אויסזויגער. שטאַרק אויסניצעריש, עקספּלואַטאַטאָריש. א'ע מיטלען.
אויסזויגערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון אויסזויגער; אויסזויגערײַ.
אויסזוילן — טרוו. זויל אויס, ~געזוילט.
(שוסטערײַ) אַרויפֿלייגן זוילן אויף אַ צאָל

(שיך). א, אַ פּאָר (אַלע) שיך.
אויסזוימען — טרוו. זוים אויס, ~געזוימט.
מאַכן זוימען (פֿון אַלע זײַטן, בײַ אַ צאָל קלײי
דער). א, אַ לײַלעך פֿון אַלע זײַטן. א, עטלעכע קליידלעך.
אויסזוימען זיך — אוטוו. זוים זיך אויס, זיך

~געזוימט. דזוו אויסזאַמען זיך ←. „למען השם, זוים זיך לאַנג ניט אויס„.
אויסזויערן — טרוו. זויער אויס, ~
געזויערט. מאַכן זויער, אינגאַנצן (וויפֿל ס׳איז נייטיק). א, אוגערקעס, א, קרויט. א, דאָס פּנים.

אויסזויפֿן — טרוו. זויף אויס, ~געזויפֿט.
1. זויפֿן ביזן סוף, פֿון אַ צאָל (פֿלעשער, טעלער אאַ). "— כלעבן, זופּ אויס, יאָסל, נאָך אַ טעלער פֿיש און ראָסל. — גוואַלד, איך בעט אײַך פֿיל איז נאָך דער שיעור? איך האָב אויס,

געזויפּט שוין פֿיר,,, ר, מרדכילע, משלים.
2. אויסטרינקען. אַרכ. ,,צווייא ורישר אייר
[= צוויי פֿרישע אייער] זי אויז זוף“,
בבֿאבוך, 482.

אויסזויסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסזויפֿן. אַזאַ א אַז מע ליידיקט אויס אַלע
,
פֿלעשלעך.
אויסזוך — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסזוכן. דאָס
אויסגעזוכטע. אַ געראָטענער (אומגעראָטענער)
א,.
אויסזוכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזוכן. אויספֿאָרשונג. ,,די
אויסגראָבונג האָט שוין אַנטפּלעקט אינטערעסאַנטע
זאַכן, אָבער די א, איז נאָך ניט פֿאַרענדיקט“.
אויסזוכן — טרוו. זוך אויס, ~געזוכט.
1. זוכן ווי געהעריק, אָנגעשטרענגט, וואו
נאָר מע דאַרף. א, אין אַלע ווינקעלעך, וואו
נאָר אַ ווינקל. “און דער אמתער בן־מלך האָט
געזוכט...און האָט אויסגעזוכט דעם גאַנצן
חדר“, נחב, מה/ד. ,,גאָטס לײַכטל איז דיא

נשמה פֿונים מענטשן, עס זיכט אויס אלי קעמירליך פֿונים לעבן“, מס, משלי תּקע,,ד, כ, 27. *א, וואו די וועלט האָט אַן עק = אומעטום, בּלשון גוזמא.

2. אַרומזוכן; אַ בּיסל זוכן. ,,קיין צײַט ניט האָבּנדיק א, און אָנטאָן דאָס יאַרמלקעלע, טו איך אַ שפּרונג...“, ממוס, ספֿר הבּהמות.

3. זוכן און געפֿינען דאָס געזוכטע. ,,אַז דו געפֿעלסט איר ניט, וועט זי זיך אַוודאי בּאַלד און גיך א, אַן אַנדערן“, עט, סערקעלע. ,,שלמהלע זוכט אויס דעם אַלטן מחזור“, ממוס, שלמה.

4. אויסקלײַבּן. ,,ווען מן נון...האָט דש בּעשט וואַש מיגליך איז פֿר אים אויז גיזוכט און עז...זאָל קומן לידי חופּה וקידושין“, לט 1, 2/152. ,,שטייט אַ גרויסער שלאָס אין מיטן, בּליִען דאָרטן טויזנט בּלומען, אויסגעזוכט פֿון אַלע לענדער...“, יהואָש.

5. אויסגעפֿײנען (מיטן בּײַטעם: אויסטראָכטן). א, מעלות, תּירוצים, אויסריידן, המצאָות, הסבּרות אא. א, זיך צרות פֿאַרשלעפּטע קרענק

,

אאַ. א, זכיות, יחוס, זכות אָבֿות אאַ.

-

“דאָ ציהט ער אין איין אַנדר אורט,
זוכט ווידר אויז געלט, ביז ער קומט אין איין קהלה די אים געפֿעלט“, אַשכּנז [פֿש III]. „גאָט האָט טאקי דער אמת דעם מענטשן געמאכט גאָר פּשוט, נשמר [= נישט מער] זייא האָבן זיך דאָס אַליין אויס גזוכט פֿיל ארלייא שלימאזל“, מט, קהלת, ז, 29. „האָבן זיי אָנגעהויבן... איינע אין דער אַנדערער אויסצוזוכן פֿעלער און זיך געבלאָזן“, ממוס, ווינטשפֿ. “און דער וואָלף האָט זיך אויסגעזוכט זאַכן דער ציקעלע

אויסזידלונג

דווקא אַ נאַפּאַשטש צו מאַכן“, עט, משלים.
אויסזוכעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, אָנגעשטרענגטע) אויסזוכונג.
אויסזומען — טרוו. זום אויס, ~געזומט.
לד. ← אויסזשומען. אַרויסברענגען קלאַנגען זום־זום. אויסדריקן, אויסזינגען עפּעס זומענדיק.
אויסזומען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זומען (זשומען) און אויפֿהערן.

אויסזומערן — ־ער אויס, ~געזומערט.

אַקוזוו — דורכלעבן דעם זומער. „װאו האָט איר אויסגעזומערט דעם זומער?„ טרוו — האַלטן עפּעס במשך פֿון אַ זומער. א, דאָס געהילץ אויפֿן הויף, עס גוט אויסטריקענען.

אויסזומפּיקן — טרוו. ־יק אויס, ~געזומפּיקט. מאַכן זומפּיק. „די רעגנס האָבן אויסגעזומפּיקט די גאַנצע געגנט„.

אויסזונדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזונדערן.

אויסזונדערן — טרוו. ־ער אויס, ~געזונדערט. 1. אויסטיילן, אויסשיידן, אָפּזונדערן פֿון אַ גרופּע, כּלל. "האָסט אונדז אויסגעזונדערט פֿון אַלע אומות". 2. אויססאָרטירן, אויסשטעלן לויט באַזונדערע מינים, גרופּעס. א, די זאָמען פֿון פֿאַרשיידענע בלומען.

אויסזונדערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַרויסהייבן, זיך אויסטיילן (אָן שום כּוונה, ניט רעפֿלעקסיוו). זיך א, מיט באַזונדערער איידלקייט.

אויסזונען — טרוו. זון אויס, ~געזונט. אָפּטּ מיט ז י ך, רעפֿל. אויסטריקענען אויף דער זון; האַלטן אויף דער זון. „האָסט אויסגעזונט דאָס קליידל, איז אַראָפּ דער קאָליר". „די בלאַסע

קינדערלעך דאַרף מען אַ ביסל א'".

אויסזונען זיך — אוטוו. ← דפּוו. פֿאַרענדיקן זונען זיך. זיך א, און אַרײַן אין וואַסער.

אויסזופּן —, טרוו. זופּ אויס, ~געזופּט.

אויסליידיקן (טעלער, פֿלאַש אאַ) דורך זופּן. א, אַ טעלער לאָקשן. „אָט נעמט ער באַלד טאַקע אַ פֿלעשל משקה, זופּט עס אויס פֿאַר אַן עדה יידן, און ער זאָל זיך כאָטש פֿאַרקרימען„, ממוס, ווינטשפּ. "...האָט ער געמוזט אַ זאַק זויער־געזאַלצענעם באָרשטש א'„, אשט, מײַסעלעך.

אויסזופּעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָצעס פֿון אויסזופּן. ביטול־וואָרט פֿאַר געטראַנק.

אויסזופּעניש — דאָס (די), ־ן. אַקט, פּראָצעס פֿון אויסזופּן.

אויסזיבעטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געזיבעטלט. אײַנטיילן אין זיבן (טיילן). „א, איז שווערער ווי אויספֿינפֿטלען„, רייד (תּלמידים פֿון יידישע שולן, ליטע).

אויסזיגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געזיגלט. אַרויפֿלייגן זיגלען אויף אַ צאָל (דאָקומענטן, פּעקלעך אא). א ׳ אַלע פּאַקעטן.

אויסזיר — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסזידן. אויסזאָט.

אויסזידונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסזידן. דאָס וואָס קאָכט זיך אויס. „אונטער אַ שוואַכערן דרוק וועט די א, זײַן אַ גרעסערע“.
אויסזידלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסזידלען. 2. עמיגראַציע. דטשמ. „די א, פֿון די פּוילישע ייִדן האָט זיך

אויסזידלען

צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט„. 3. גירוש (אונטער די נאַציס), אומבּרענגונג, אויסראָטונג. א, פֿון דער־וועלט. א, אויף יענער־וועלט. „יעדער טאָג אַ נײַ אומגליק, אַ נײַער פּאָגראָם, אַ נײַע א',
וואָס ▯ ייִסט אויסמאָרדונג“, רינגעלבּלום־אַרכיוו,
3 ▯ 1942 I, בּלומ.
אויסזידלען — ־דל אויס, ~געזידלט. דטשמ. אוטוו — עמיגרירן. א, קיין אַמעריקע. טרוו — דעפּאָרטירן; מאַכן עמיגרירן. „מע האָט זיי אויסגעזידלט קיין אַרגענטינע“.
אויסזידלען — טרוו. ־דל אויס, ~געזידלט. 1. זידלען אַ צאָל (אַלע). א, פֿון קליין בּיז גרויס. 2. שטאַרק זידלען, בּאַפֿאַלן מיט שאַרפֿע, חוצפּהדיקע רייד. אויסשייגעצן. א, ווי אַ הונט, ווי אַ חזיר, ווי דעם פּאָסלעדנעם (

מערזאַוועץ).
אויסזידלען זיך — אוטוו. ← דפּוו. זידלען
און אויפֿהערן. „זי האָט זיך אויסגעזידלט און
דערנאָך ווידער גענומען זיך דינגען„, רייד.
אויך קזוו.
אויסזידלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע) זידלערײַ.
אויסזידן — טרוו. זיך אויס, ~געזאָדן, ~
געזאָטן. 1. גוט דורכקאָכן, אויסקאָכן אין
וואַסער וואָס זידט. „נעם דאָס שטיקל פֿלייש און
זיד עס אויס“. „די וואַרעמקייט פֿון
סוף־זומער האָט...אויסגעזאָטן די...ערבֿ־
האַרבסטיקע טריבע טעג“, פּמ, דור־אַיין דור־אוים.
2. באַגיסן, רייניקן מיט זודיק וואַסער.
„אַ נײַער אויוון אָדער נײַע טעפּ וואָס
זענען נאָך ניט אויסגעזאָטן געוואָרן פֿאַר
יום־טובֿ טאָר מען דרינען ניט קאָכן אָדער באַקן
אום יום־טובֿ“, לט2, 1/174. 3. מאַכן אַז
פֿליסיקייט זאָל צעגיין אין פֿאָרעם פֿון פּאַרע.
א, דאָס גאַנצע וואַסער.
אוטוו — בײַם קאָכן צעגיין אין פֿאָרעם פֿון
פּאַרע. “זע, דאָס וואַסער זידט שוין אויס, דאָס
פֿלייש וועט צוברענען“. אויך מעטאָנימיש: דער
טאָפּ זידט שוין אויס.

אויסזידן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסקאָכן, זיך באַקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון זידן.
פֿון דײַן קאָכן וועט זיך א, די לעצטע פֿון
"
דער ערדס עפּאָכן“, צײַט, מטטרון.
אויסזיוו(ו)גן זיך — [...זי'וועגן] אוטוו. זיוו(ו)ג
זיך אויס, זיך ~געזיוו(ו)גט. געפֿינען פֿאַר
זיך אַ זיווג. „איך האָב ניט באַדאַרפֿט זאָרגן
וועגן חתונה מאַכן מײַנע טעכטער: זיי האָבן
אַליין זיך אויסגעזיווגט“, רייד.
אויסזיי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסזייען.
„ס'איז געווען זייער אַ געראָטענער א„ גלײַך
נאָכדעם איז געווען גענוג רעגן„..
אויסזייאונג —. די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזייען.
אויסזײַאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזײַען.
אויסזייגן — טרוו. זייג אויס, ~געזויגן,
~געזייגט. פּפֿ: ~זויגן [אין לר און פּר
ס'רובֿ ~זייגן, אין וורר און אוקר ס'רובֿ
~זויגן]. „זיי נעמען צו פֿון די באַקן די
פֿאַרבֿ, זייגן אויס דאָס ליכט פֿון די אויגן
און ▯אָגן אויס דאָס בלוט פֿון האַרץ“, פּרץ.
אויסזייגער, ~זייגערײַ — ← אויסזויגער,

אויסזײַדן — טרוו. זײַד אויס, ~געזײַדט.
(בײַטל־מאַכערײַ) באַדעקן מיט זײַד (
אינעווייניקסטע זײַט).
אויסזײַכן (זיך) — אוטוו. זײַך (זיך) אויס,
(זיך) ~געזײַכט. פּר. משתין זײַן, לאָזן אורין,
גראָב. (אויך וועגן קינדער וואָס באַנעצן זיך).
„ס'פֿערד האָט זיך אויסגעגאָסן און דער
בעלעגלה אויסגעזײַכט“, אָפּאַ.
אויסזיימען — טרוו. זיים אויס, ~געזיימט.
פּד. דזון אויסזוימען ←.
אויסזײַן — אוטוו & אַקוזוו (איצ און אימפּ
נבֿ), ~געווע(ז)ן. 1. זײַן אין אַ סך
פֿאַרשיידענע ערטער. אַרומרײַזן, אַרומוואַנדערן. „
אויסגעווען אין אַלע לענדער, אַהיים געקומען אָן
העמדער“, שוו. „מיך זאָלסטו פֿרעגן, וואָרן
איך בין אויסגעווען לענדער“, נחבֿ, ,מעשׂה
מחכם ותם'. „וואו ביסטו דאָס אויסגעווען? און
אונדז האָסטו גאָר פֿאַרגעסן!“, אר, ,מײַן
צוריקקער אַהיים'. *א, אַ וועלט, וואו די וועלט
האָט אַן עק = א, אין אַ סך ווײַטע לענדער.

„דערציייל מיר, וואָס האָרכט זיך עפּעס נײַס? ביסט אויסגעוועזן אַ וועלט!“, שע.

2. זײַן אַ לענגערע צײַט (וויפֿל נייטיק, אָפּגעמאַכט). אויסהאַלטן. א, בײַם יוון (בײַ יוונים) גאַנצע פֿינף יאָר. א, בײַ אַ בעל־מלאָכה די יאָרן פֿון לערנען זיך (לערלינג). „ער איז געקומען אויף עטלעכע טעג און איז דאָ אויסגעוועזן גאַנצע דרײַ חדשים“. „ער וועט בײַ דער שוויגער ניט א, קיין וואָך“. *א, די צײַט = אויך: פֿאַרשוואונדן ווערן, אויסגעטריקנט ווערן. „ פּלוצעם, איידער מע קוקט זיך אום, איז ער אויסגעוועזן די צײַט“, רייד, (קאָלאָמיי). „נאָך איידער זי האָט אַרויסגעזאָגט, איז זי שוין אויסגעוועזן די צײַט“, אשמ, מײַטעלעך.

3. זײַן בײַ פֿאַרשיידענע מענטשן. א, בײַ אַלע קרובֿים, באַקאָנטע אאַזוו. „זיי זענען שוין אויסגעוועזן בײַ אַלע דאָקטוירים, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס עס איז זיי“, אַש, תּהילים־ייִד.

4. דורכנישטערן; אויסזוכן, באַקוקן אומעטום. א, אין אַלע פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך. „אויסגעוועזן גאַנץ יורבאַריק און קיין קאָנטראַבאַנד ניט געפֿונען“, שוו [וועגן אַ שלימזל וואָס קען ניט געפֿינען וואָס ליגט אויבנאויף].

אויס זײַן — צזוו, אוטוו. בײַן אויס, בײַן געווען
אויס. מער ניט זײַן; זיך (פֿאַר)ענדיקן;
פֿאַרבײַגיין. „דא די דרייא טאָג זיין אויז גיוועזן,
איז ער ווידור קומן: גיבֿ מיר מײַן פּקדון“,
מנקת רבֿקה, שער שבֿיעי, ט, ג. „מן מאַכט...
הבֿדלה...אונ, מן שיט אויס וויין אויף דער
ערדן אי [= איידער] דיא בּרכה אויש איז“,
מנהגים, אמשט 1723, בּ/בֿ. “אונ, ווען שמונה
עשׂרה איז אויז, דען מן בּרכה איבּר דיא
קרייטיך מאַכט“, ה II, יג. *ס'איז אויס מיט
אים = זײַן סוף קומט (איז געקומען).
אויס זיין — צזוו, אקוזוו. בײַן אויס, בײַן

געווע(ז)ן אויס. אַרכ. מיי. 1. פֿאַרענדיקן. „לאָזן מיר
די קריג אויס זײַן„, צור, לך־לך. 2. אויסן זײַן;
בּאַגערן. „ער איז וווף אויס ווי דער תּלוי
[= ohle()][, גאַלקע] אַף אַ נוס“, טענדלאַו, 516.
אויס זײַן אָרט — פֿראַזע. אַרכ. (ווענן שעכטן
אַ בּהמה), ווען דער חלף איז אַ בּיסל אין אַ
זײַט פֿון פּונקט, דעם אָרט פֿון האַלדז וואו ער

אויסזיכטלאָז

דאַרף זײַן על־פּי דין. tבֿ, טו/א: „הגרמה =

אויש זײַן אָרט“ (זען חולין, ט/א).
אויסזייען — טרוו. זיי אויס, ~געזייט. [אין
דרומדיקע ריידענישן: ~געזייע]. פֿאַרזייען
אַ צאָל (פֿעלדער) פֿאַרענדיקן זייען. ,,
גע.
אַקערט דורך האָבֿ איך די בּייט און מיט
בּלימלעך אויסגעזייט“, פּרץ. ,,פֿול מיט שטערן
גאָלדענע געוואָרן איז דער הימל אויסגעזייט“,
הד, אָדמס קינדער.
אויסזייען — טרוו. זײַ אויס, ~געזײַט (אויך:
.
~געזיגט, ~געזיגן). 1. זײַען בּיזן סוף, ווי
געהעריק. א, זופּ, פֿאַרפֿל, לאָקשן אאַזוו. ,,מע
דאַרף דעם ווײַן א', וועט ער ווערן קלערער“.
2. אײַנבּייגן אַ כּלי און אויסליידיקן בּיזן
לעצטן טראָפּן. *א, אַ פֿלעשל = אויסטרינקען
בּיזן דנאָ. ‘‘דער וואַסערפֿירער האָט נאָך ניט
געבּראַכט קיין וואַסער, קוים וואָס מע האָט
אויסגעזיגן אַ בּיסל פֿון דער פֿאַס אויף
אויסצוּוואַשן ווי עט איז כאָטש די טשאָלנט־טעפּ“,
ממוס, מסעות. 3. אַרויסבּרענגען עפּעס ווי
מע וואָלט אויסזײַען, בּ2. *א, אַ פּאָר ווערטער
(דורך די ציין). ,,דער יונגערמאַן האָט
אויסגעזײַט אַ קללה פֿון צווישן זײַנע ציין,,, ייִפֿאָל.

אויסזייערונג — די, ־ען. פּראָצעס און
רע־
זולטאַט פֿון אויסזײַערן. אַ פּאַמעלעכדיקע א'.
אויסזייערן — טרוו. ־ער אויס, ~געזײַערט.
־
זײַערן אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע (זאַכן,
שטאָפֿן) פֿאַרענדיקן זײַערן. א אַלע לאַדישן
. ,
מיט מילך.
אויסזײַערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך
,
ווערן זויער; מגולגל ווערן אין אַ זײַערס
(כעמיע). "פּאַסטעריזירטע מילך זײַערט זיך
שווער אויס„.
אויסזייפֿונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזייפֿן. 2. וואַסער שטאַרק
אויסג ישט מיט זייף.
אויסזייסן — טרוו. זייף אויס, ~געזייפֿט.
אָפּט מיט ז י ך. 1. גרינטלעך, ביזן סוף זייפֿן
(אָדער אַ צאָל). א, אַלע קינדערשע קעפּלעך.
„זייפֿט זיך ערד איר אַלטן קאָפּ אויס", פּמ,
'פֿרילינג'. 2. אויסניצן (גאַנצן) אָנגרייט זייף.
א, דאָס גאַנצע שטיקל זייף.

אויסזיכט — די, ־ן. 1. שאַנס,
מעגלעכקייט, האָפֿענונג, אויסקוק. האָבּן א'ן, ווייניק
א'ן. ניט האָכּן קיין א'ן. „האָבּן זיי גאָרניט
געהאַט אַזעלכע ווײַטע א'ן (אויסקוקונגען)“,
אמד. „איך האָבּ אויף אַזאַ סחורה שוין לאַנג
אַן א'“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.
„געהאַט פֿאַר זיך די שענסטע א, צוגעלאָזן צו
ווערן צום עקזאַמען“, בּעל־מחשבֿות ⸰. האָבּן
אין א, = ריכטן זיך, וואַרטן אויף עפּעס;
פּלאַנעווען. 2. אויסזען, מראה, פּנים. טוו.
„מאַך מיך זען דײַן א'“, שע, שיר־השירים.
3. קוקווינקל, אויסבּליק, אַרויסקוק,
פּערספּעקטיוו. דטשמ. „אַלע פּאַלאַצן...מיט דער א, צו
דער ניעוואַ“, ארז, קמ, 4 .16 1869, No.
פּאַנאָראַמע, לאַנדשאַפֿט. דטשמ. „איך האָבּ נאָך
אַזאַ שיינעם א, אין מײַן לעבּן ניט געזען“,
ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.
אויסזיכטלאָז — אַדי. (אויך: ~לאָזיק). וואָס
האָט ניט קיין שאַנסן, מעגלעכקייטן.
אומדערגרייכלעך. האָפֿענונג(ס)לאָז. פֿרגל:
אויסוועגלאָזיק.

אויסזיכטלאָזיקייט

אויסזיכטלאָזיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסזיכטלאָז.
אויסזיכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזיכערן. (פֿולע)
פֿאַרזיכערונג.
אויסזיכערן — טרוו. ־ער אויס, ~געזיכערט.
1 פֿאַרזיכערן, 'פֿאַרסטראַכירן, פֿון
פֿאַרשיידע.
נע זײַטן. א, פֿון פֿאַרפֿלייצונג, גניבֿה,
אומגליקפֿאַל אאַ. 2. פֿאַרזיכערן אַ צאָל (אַלע)
פֿון אַ גרופּע. „דער אַגענט האָט
אויסגעזיכערט אַלע מיטגלידער פֿון זײַן פֿאַראיין“, רייד.
3. מאַכן זיכער, באַוואָרענען פֿון אומגליקפֿאַל.
א אַן עקספּעדיציע, זי באַוואָרענען מיט אַלעם

,

נייטיקן.
אויסזילבערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געזילבערט. באַדעקן מיט זילבער; באַזילבערן אַ
צאָל (אַלע) זאַכן פֿון אַ גרופּע. א, כלים,
גאָפּל עסער אאַ.
אויסזימעווען — ־מעווע אויס, ~געזימעוועט.
סל. דזוו אויסווינטערן ←.
אויסזינג — דער, ־ען. 1. אופֿן פֿון

אויסזינגען. 2. רעפֿרען. לעצטער טייל, סוף פֿון
געזאַנג. אַ פֿריילעכער א'.

אויסזינגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזינגען. „די אַראַנזשירונג איז
געווען גוט, אָבער די עצם א, האָט ניט
געטויגט“.

אויסזינגעכץ — דאָס, ־ן (־ער). שלעכטער
אופֿן אויסזינגען. איר וועגן געזאַנג.

אויסזינגען — טרוו. זינג אויס, ~געזונגען.
1. אַרויסברענגען מעלאָדיע (ניגון) דורך
זינגען. א. אַ לידל, א. ניגון אָן ווערטער, א. לויט
נאָטן. „די חכמה זינגט אויס אין דרויסן, זיא
לאָזט זיך הערן אין דיא גאַסן“, מס, משלי
תּקע“ד, א, 20. „און פֿון הינטער דער טיר
האָט זיך שוין געהערט אַ קלאָגלידעלע א',„
וויַיס, 'פֿון רבינס שטוב'. א. ווי אַ חזן, ווי אַ
קאַנאַריק, סאָלאָוויי(טשיק), נאַכטיגאַל אאַ.
2. זינגען אַ צאָל (אַלע) לידער. א. אַלע
ניגונים ווי דער שענסטער חזן, ווי דער משורר
הגדול. „אַלצדינג, וויפֿל ער האָט פֿאַרמאָגט,
האָט ער געמוזט א„ גאָר אָן אַ שום תּירוץ“,
שע, אידישע שרייַבער. 3. דורך זינגען
אויסדריקן איבערלעבונג. א. צער, ווייטיק אע,
פֿרייד, נצחון אע. „אָפּגעזונגען קאַטאָרגע,

סיבּירן, אויסגעזונגען בּיינער מיט דער הויט“, פּמ, בּרידער. 4. פֿאַרענדיקן זינגען. „איך האָבּ שוין אויסגעזונגען דאָס גאַנצע לידל„. 5. אויסזאָגן (סודות) בּײַם אויספֿאָרשן. „ווען מע האָט דעם חבֿרה־מאַן גענומען אויפֿן צימבּל, האָט ער אויסגעזונגען אַלץ: ווער עס איז אין זײַן געהיימער גרופּע...„.

אויסזינגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זינגען און אויפֿהערן (מער ניט קענען, ניט וועלן זינגען). זאָל ער זיך א„ „אויסגעזונגען זיך אַ חיות“, אר, 'מײַן צוריקקער אַהיים„. 2. דורך זינגען קריגן אַ גוטע שטים. „...גענעבּן אים אַ קניפּ אין בּעקל און געזאָגט אַז ער וועט זיך א'“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

אויסזינגעניש — דאָס (די), ־ן. אופֿן פֿון אויסזינגען. (געדויערדיקע, מאַסנדיקע) אויסזיננונג.

אויסזינדיקן — ־יק אויס, ~געזינדיקט. אוטוו

— אַ סך מאָל זינדיקן. „אויסגעזינדיקט מיט ווען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט„ צײַט, טענהט לילית„. טרוו — דורך זינדיקן פּטרן,

אומבּרענגען. „ער האָט אויסגעזינדיקט זײַן געזונט, זײַן פּאָזיציע אין לעבן, זײַן לעבן„.

אויסזינען — טרוו. זין אויס, זינען אויס; ~געזינט. אויסטראַכטן. „דו קענסט קיין פֿאַרענטפֿער געפֿינען פֿאַר אַ מענטש וואָס איז שלעכט; ער וועט תּמיד אַ נאַפּאַשטש א„ ער זאָל קעגן דיר זײַן גערעכט“, עט, משלים.

אויסזינקען — אוטוו. זינק אויס, ~געזונקען. זינקען אין אַ סך (וואַסערן, טיפֿענישן). א, אין אָפּגרונטן פֿון רשעות.

אויסזיסן — טרוו. זיס אויס, ~געזיסט. שטאַרק זיס מאַכן; באַצוקערן פֿאַרזיסן אַ צאָל (אַלע)

—

,

זאַכן פֿון אַ גרופּע. “זי האָט מיר דאָס לעבן אויסגעזיסט“.

אויסזיפּ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסזיפּן. 2. דאָס ריינע, אָן דעם אָפּפֿאַל, נאָכן אויסזיפּן.

אויסזיפּלען — ־פּל אויס, ~געזיפּלט. נעאָל. אוטוו — אַרויסקומען, אַרויסרײַסן זיך מיט אַ קלאַנג ז־זיפּ. די ראַקעטע זיפּלט אויס. טרוו — אויסזיפּן; אויסטיילן ווי דורך אַ זיפּ. „אַ ראַקעטע האָט נאָך אויסגעזיפּלט פֿונקען“, אפֿא, ווײַסע שטאָט.

אויסזיפּן — טרוו. זיפּ אויס, ~געזיפּט.
1 פֿאַרענדיקן זיפּן. א, די גאַנצע מעל. „איז
.
אַך גוט ווען מן דש [פסחדיקע] מעל זיפּט אויז
און בּווארנט דש ניט דר צו קומט איין מויז“,
שה II, טו. „דאָס ליכט פֿון טאָג שוין
אויסגעזיפּט“, הר פֿאַרנאַכט. 2. אויסרייניקן,
אַרויס,
נעמען אָפּפֿאַל, שפּריי, מיט דער הילף פֿון אַ
זיפּ. „עס איז מותּר [שבּת] צו טראָגן שטרויא
מיט איינר זיפּא...דר ווייל דז ער זיין כּוונה
ניט האָט...דש שטרויא אויז צו זיפּן“, לט1,
2/76. 3. אויסטיילן (פֿאַרשיידענע
קוואַליטעטן) מיט דער הילף פֿון אַ זיפּ. א, גראָבּע
מעל פֿון פֿײַנע. א, קערעלעך, תּבֿואה אאַזוו.
4. אָפּקלײַבּן, אויסזוכן, אויסזײַען. „פֿון דער
גאַנצער חבֿרה האָבּ איך אויסגעזיפּט די
עטלעכע וואוילע ייִנגלעך“, רייד.
אויסזיפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זײַן אַ
רעזולטאַט פֿון אויסזיפּן. „פֿון דעם גאַנצן
בּאַרג זאַמד האָבּן זיך אויסגעזיפּט נאָר
עטלעכע קערנדלעך גאָלד„. 2. צופֿעליק געפֿינען
בּײַם זיפּן, אָפּקלײַבּן. „אין דעם זעקל תּבֿואה
האָט זיך אויסגעזיפּט אַ פֿינגערל וואָס עמעצער

האָט פֿאַרלאָרן“.

אויסזיסך — דער, ־ן. אומגעריכטער אָדער
טיפֿע ־ זיפֿץ.

אויסזיסצן — טרוו. זיפֿץ אויס, ~געזיפֿצט.
אויך: ~זיפֿצען. אויסדריקן, אַרויסבּרענגען
עפּעס דורך זיפֿצן. א, ווייטיק, צער פֿאַרדראָס
,
אאַזוו. א, אַ ליד; א, אַן ענטפֿער.
אויסזיפֿצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיפֿצן און
אויפֿהערן (און דערבּײַ זיך גרינגער מאַכן).
„דער אַלטער זיפֿצט זיך אויס און דרעמלט
אײַן“.
אויסזיפֿצעניש — דאָס (די), ־ן. אופֿן אָדער
פּראָצעס פֿון אויסזיפֿצן (זיך). דאָס זיפֿצן פֿון
אַ צאָל, געדויערדיק. אַ קרעכצעניש און אַן א,
אַז עס נעמט בײַם האַרצן.

אויסזיצעניש

אויסזיצן — אוטוו. זיץ אויס, בּין ~געזעסן
(פּר: ~געזיצן). 1. זיצן אַ לענגערע צײַט,
בּיזן סוף. א, די גאַנצע צײַט, דעם גאַנצן טאָג.

,,מיר קומט אויס אונטערוועגנס אָפּטמאָל א, גאַנצע טעג, נישט צו טאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער“, שע, כּתבֿים פֿון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר. *א, איבער עמעצן אַ נאַכט (נעכט) = וואַכן איבער עמעצן (אַ קראַנקן) ,,מיר זײַנען אַמאָל אויסגעזעסן איבער איר גאַנצע נעכט,,, שע, טביה. 2. זיצן אין פֿאַרשיידענע ערטער. *א, אויף (אַ סך, אַלע) בענקלעך = פֿאַרנעמען פֿאַרשיידענע אַמטן. ,,ער איז שוין אויסגעזעסן אין געגנוג תּפֿיסות“. 3. זיצן די פֿולע, די געזעצלעך באַשטימטע צײַט. א, שבֿעה ווי עס געהער צו זײַן. א, אין תּפֿיסה די פֿולע פֿינף יאָר. 4. פּד. אויפֿהערן זיצן; אַרויסשטײַגן, אויפֿהייבן זיך פֿון אַן אָרט וואו מע זיצט. א, פֿון קאָטש, דראָשקע פֿאַיעטאָן.

,,ווייסט איר וואָס? איכ'ל א'. איכ'ל שוין אַליין געפֿינען דאָס הויז,,, באַש.

אויסזיצן — אַקוזוו. ← דפֿוו. איבערזיצן, זיצן במשך פֿון אַ באַשטימטער צײַט (בײַבאַטײַט: האָבן געדולד, אויסהאַלטן). א, דעם קאָנצערט, די גאַנצע לעקציע, די דעבאַטע אע. *א אַ באַנק = שפּילן אין קאָרטן ביז מע ברעכט דעם

באַנק (נעמט צו דאָס געלט פֿון דער שפּילקאַסע).
אויסזיצן — טרוו. זיץ אויס, האָב (זן בין) ~געזעסן (פּד: ~געזיצן). 1. עפּעס אויפטאָן, דערגרייכן מיט לענגערן זיצן. *גאָרנישט א, = קיין זאַך ניט אויפֿטאָן מיטן זיצן (זײַן ערגעץ). *וואָס וועט זי א, = וואָס האָט זי ניט חתונה? וואָס בּראַקירט זי חתנים? *וואָס וועלן מיר א'? = מיר וועלן גאָרנישט דערגרייכן (מיט זיצונגען, דעבּאַטירן, שמועסן אאַ).
„אדרבּא, וואָס וועלן מיר א, אָט אַזוי אָט מיט צונויפֿגעלייגטע הענט?“, ממוס, ,צוריק אַהיים'.
„...עס זיצט אַן אַלטער בּחור אַ יורד — וואָס וועט ער א'?“ [=דערגרייכן מיטן בּלײַבּן אַן אַלטער בּחור], שע, אָרעמע און פֿריילעכע.
2. אויסוואַרעמען, אויסבּריִען אייער, זיצנדיק אויף זיי. א, אייער; א, הינדעלעך, קאַטשקעלעך, גענדזעלעך. „די בּעסטע הון קען ניט א, צוויי הינדעלעך פֿון איין איי“, שוו. *ווילסט א, הינדעלעך? = איר וועגן עמעצן וואָס זיצט צו לאַנג. 3. דורך לאַנגן זיצן אויסרײַבּן, מאַכן אַ פֿאַרטיפֿונג, אָפּניצעווען. א, לעכער אין די הויזן. א, פֿלעקן אויף דער קאַנאַפּע. „די פֿאָטעלן זענען אײַנגעגראָבּן פֿון א', די

קאַנאַפּע איז אין פֿיל ערטער צעריסן,,, אַש, תּהיליסויִד.

4. (שוסטערײַ, קאַמאַשן־שטעפּערײַ).

אויספּרעסן, מאַכן עס זאָל זיך גוט צונויפֿקלעפּן; א, כאָלעוועס. [מע פֿלעגט אַוועקזעצן עמעצן אויף צוגעקלייעטע כאָלעוועס, כאָלאַווקעס, פּאָדקלייקעס (אונטערשלאַק), כּדי עס זאָל זיך גוט צונויפֿקלעפּן. אַוועקזעצן פֿלעגט מען קינדער אָדער עמעצן וואָס אַרבעט ניט, צי אָפֿטמאָל גאָר מכבּד זײַן מיט דעם אַ גאַסט וואָס איז אַרײַנגעקומען סתּם אַזוי אין שטוב].

אויסזיצעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסזיצן. דאָס אויסזיצן פֿון אַ גרופּע.

אויסזיצער

אויסזיצער — דער, ־ס. ווער עס זיצט אין תּפֿיסה פֿאַרן פֿאַרברעך פֿון אַ גאַנצער גרופּע, בנופֿיא.

אויסזכותעווען — [...סכו'סעוועו] טרוו. זכותעווע אויס, ~געזכותעוועט. קריגן עפּעס דורך פֿאַררופֿן זיך אויף אַ זכות, (באַקאָנטשאַפֿט, יחוס). ,,מיטן דערמאָנען די גרויסע

נעמען פֿון אונדזערע פֿרײַנד װעלן מיר גאָרניט
א',,.
אויסזכותעווען זיך — ← דפֿוו. אָנגעבן
ווי אַ מעלה פֿאַר זיך דעם יחוס פֿון דער
משפּחה אָדער אַן אויפֿטו, אַ דערגרייך. זיך א,
מיט רבנים אין דער משפּחה. זיך א, מיט יאָרן
תּפֿיסה פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.
אויסזליאָקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געזליאָקעט. לד. דזוו אויסזשליאָקען ←.
אויסזליוקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געזליוקעט. וורר. סל. 1. דזוו אויסזליאַקען ←.
2. פּטרן, צעטרענצלען געלט. ,,מסתּמא
אויסגעזליוקעט שוין דאָס ביסל געלט...פֿאַרשפּילט
אין 'פּיפֿיראַנס, מיטן אַפּטייקער,,, זש, נח
פּאַנדרע.
אויסזמעשטשען (זיך) — ־שטשע (זיך)
אויס, (זיך) ~געזמעשטשעט. סל. פּד. דזוו
אויסמאָשטשען (זיך), אויסמאָסטיען זיך ←.
זיך א, אין ענגן וואַגאָן.
אויסזמרן — [...זע'מערן] טרוו. זמר אויס,
~געזמרט. אויסזינגען (ספּעציעל בנוגע
זמירות, העבֿרעאישע לידער). אויך איר. ,,עס
אַרט זיי ניט וואָס זיי קענען ניט זינגען, זיי
זמרן אויס די לידלעך און האָבן סײַווי הנאה,,,

רייד. "דער נחש...האָט מיך אָנגעקוקט
פֿאַרליבּט...און אויסגעזמרט זינד,,, צײַט,
געזאַמלטע שריפֿטן I, 1932.
אויסזמרן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. זינגען און
אויפֿהערן. זיך אויסלעבּן מיט אַ זמרל. זיך
אויסטאַנצן און זיך א..
אויסזנאָבּען — טרוו. ־בּע אויס, ~געזנאָבּעט.
וורר. סל. אויספֿירן. א, די וואַרעמע שטובּ.
אויסזנותעווען — [...זנו'סעווען] זנותעווע
אויס, ~געזנותעוועט. אויך מיט ז י ך. אוטוו
— טרײַבּן זנות אַ לענגערע צײַט. טרוו —
דורך טרײַבּן זנות עפּעס קריגן.
אויסזע — דער, ־ען. 1. אויסזען, אָנבּליק,
מראה. געשטאַלט. פֿאָרעם, דרויסנדיקייט. האָבּן
(כאַפּן) דעם א.. לויטן א., „ווי קאָן דאָס זײַן
אַז אין אַ וואַלד־נאַכט זאָלסטו צו מיר קומען
מיט א, פֿון אַ יונגן רעגנבּויגן", מוצ,
וואַלדיקט. „דערבּײַ איז דער נאָרדישער פֿיזישער
א, ניט געשאַצט געוואָרן איינזײַטיק,,, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן. 2. אויסקוק,
פּאַנאָראַמע, לאַנדשאַפֿט. „דער א, פֿון דעם פֿענצטער
איז אַ פּראַכטיקער,,.
אויסזעג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסזעגן. דאָס
אויסגעזעגטע. „דער א, מיטן דינעם

פֿאַנירזעגעלע איז ממש אַ קונסטווערק“.
אויסזעגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזעגן.
אויסזעגלען — אַקוזוו. ־גל אויס, ~געזעגלט.
אויספֿאָרן מיט אַ זעגלשיף (שיפֿל) אַ צאָל
וואַסערן. א, אַלע ימען.
אויסזעגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געזעגלט.

אויסשנײַדן מיט אַ זעגעלע (ספּעציעל בײַ
פֿאַניר אַרבעטן). א, טשיקאַווע פֿיגורן.
-
אויסזעגן — טרוו. זעג אויס, ~געזעגט.
1. זעגן ביזן סוף (ביז דער מאַטעריאַל ווערט
אויסגעניצט אָדער די אַרבעט פֿאַרענדיקט). א,
גאָר דאָס האָלץ, א, אַ וואַלד. 2. עפּעס שאַפֿן
דורך
3. אויסשנײַדן מיט אַ זעג. א, די
פֿאַרזעגן. א, פֿיגורן, קוואַדראַט, דרײַעקן
אאַ.
4. פֿוילטע שטעלן, די סוקעס.
אַרויסברענגען קלאַנגען ווי אַ זעג. „די גריל זעגט אויס
איר ניגון צווישן די גראָזן“. *א, אַ לאָך אין
האַרצן = שטאַרק פֿאַרנודיען; צושטיין מיט
בקשות וואָס איז שווער אָפּצוזאָגן. „דאָס קינד

ווײַנט און מאָנט שיכעלעך און זעגט מיר אויס
אַ לאָך אין האַרצן".
אויסזעגענען זיך — אוטוו. זעגן זיך אויס,
זיך ~געזעגנט. פֿטמ. דזוו אויסגעזעגענען
זיך ←.
אויסזעגער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסזעגן.
אויסזעגערײַ — דאָס & די, ־ען. 1. אָרט,
וואַרשטאַט וואו מע זעגט אויס (מיטן אַרטיקל
ד י). 2. די אַרבעט פֿון אויסזעגן (מיטן
אַרטיקל דאָס).
אויסזעטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזעטיקן.
אויסזעטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~געזעטיקט.
מאַכן זאַט אַ צאָל. א אַלע הונגעריקע. א, מיט
,

פּראָסטן ברויט.
אויסזעטן — טרוו. זעט אויס, ~געזעט.
1. דזוו אויסזעטיקן ←. 2. באַפֿרידיקן
באַגערן, תּאוות ביז ווערן איבערגעזעטיקט.
אויסזעכטלע□ — טרוו. ־טל אויס, ~
געזעכטלט. (schי□ei□.) se□hten <. קאַרפּאַטאָרוט,
אונגיי. אויסזײַען, דורכזײַען; אויסרייניקן,

דורכרייניקן. „ווער אַן אַלטן זאַק וויל נעמען [פֿאַר פּסחדיק מעל], מוז די נעט אויפֿטרענען און מיט לויג...גוט אויסוואַשן, א'", הרבֿ א. בּרנדא, הליכות עולס, אונגוואַר 1864.

אויסזעלן — טרוו. זעל אויס, ~געזעלט. נעאַל. אַרײַנגעבֿן נשמה, בּאַזעלן. "אין אַ נעץ פֿון ליכט און שאָטן שוועבֿ איך אום אַזוי די וועלט, וויפֿל ליכטער אויסגעקנאָטן! וויפֿל שאָטנס אויסגעזזעלט!" ל. קוסמאַן, מײַן שטאַם, 1940.

אויסזעמשן — טרוו. זעמש אויס, ~ געזעמשט. בּאַדעקן מיט זאַמש, זעמש. א, אַ בּײַטל.

אויסזען — אוטוו. זע אויס, זעען אויס; ~ געזען. 1. אויסדריקן, איבּערגעבֿן אייגנשאַפֿט דורכן זע־חוש. א, גוט, פֿײַן, בּעסער, פֿריש, לעבֿעדיק אאַזוו; א, שלעכט, מיאוס, שוואַרץ, בּיטער אאַזן; א, יונג, שטאַרק, קראַנק, געזונט אאַזוו; א, געמיין, לײַטיש, בּעלי־בּתּיש, אאַזוו; א, קאָמיש, לעכערלעך, לעקישעוואַטע, אַלטפֿעטעריש אאַזוו א, פּראַכטיק, אויסגעצייכנט, משונה(דיק) אאַזוו. „אַז די בּאָבֿע פּוצט זיך אויס, זעט זי אויך יונג אויס", שוו. „דאָס קלייד איז שיין — ווי זעט אָבֿער די ספּאָדניצע אויס?", שוו. „ווי אָרעם, פֿאַראומערט דעם

בעל־מלאכהס דירה האָט אויסגעזען פֿון
דרויסן, אַזוי לעבעדיק, פֿריילעך איז דאָרט
צײַטנוויַיז געווען...“, ממוס, שלמה. *א, ווי
חוזק = זייער שלעכט, מיאוס, ווי מע וואָלט

אויסזען

וועלן אָפּלאַכן. „ווען דער שתן...גאַנץ טונקיל
געל אויז זיכט...„, סור, יח.

2. האָבן אָנבליק (געשטאַלט) פֿון עפּעס, עמעצן; דערמאָנען אין עפּעס, עמעצן. א, ווי דער טאַטע, די מומע אאַזוו. „דער שינעל איז אויף זיי געהאַנגען ווי אַ טאָרבע, עס האָט אויסגעזען טאַקע נאָר ווי אַ יופּע„, ממוס, מסעות. „...אויסגעזען אינגאַנצן מראה לעקיש“, ממנס, ספֿר הבהמות.

3. זײַן געראָטן אין עפּעס, עמעצן. „דער שידוך זעט אויס ווי דער שדכן„, שוו. „אַז מע טוט אַ בעזעם שיין אָן, זעט ער אויו אויס ווי אַ מענטש“, שוו.

4. שאַפֿן, מאַכן אַן אײַנדרוק, אַ פֿאָרשטעלונג. *ווי זעט דאָס אויס? = וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק מאַכט עס? זי זעט אויס אַ מחיה. „דאָס זי וועט ניט אויסזען בײַ אירע שוויגער־עלטערן

ווי איינע אויפֿגעדרונגענע (איבער גוואַלד) שוויגערטאָכטער (שנור)“, אמד, רויזע פֿינקל.

5. אויסוויַיזן זיך; האָבן דעם אינהאַלט (דעם תּוך) פֿון עפּעס. א, ווי אַ פּוסטע מעשׂה, ווי אַ וויכטיקער אינטערעס אאַזוו. “...אַזעלכע מעשׂיות וואָס זעען אויס ווי אַנעקדאָטן“. „זיבן יאָר האָבן בײַ אים אויסגעזען ווי איינינקע טעג“, קמ, 43 1870, No.

6. אַרויסקוקן, קוקן אין אַ זײַט. אַרכ. „און דר דא בענשט זאַל זיין אויגן געבן אין דש כּוס הניין, אַזוי לאַנג אַז ער בענשט זאַל ער ניט אויז זעהן, ער זאַל אימר צו אין דז כּוס הניין זעהן“, לט1, 1/142.

פֿפֿ: א, ווי — אַן אויסגעווייקטער הערינג (חסיד, פּרוש), אַן אויסגעצוואָגענע (הון, קאַץ); אַן אַלמן נאָך שלושים [= אויסגעפּוצט]; אַן אָפּגעקאָכטער; אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא; אַן אָפּגעשמיסענער; אַן אָפּגעריבענער (דרײַער, זעקסער, מטבע); אַן אתרוג אָן אַ פּיטום; אַ באַגראָבענער (אין דער ערד, טיף אין דער ערד); אַ (שיין, טײַער) בילד; אַ בייזער־יאָר (אויף דער לינקער זײַט, אויף אים); אַ בינטל צרות; אַ בראָדער סוחר [= יוסט, ברייטלעך]; אַ בר־מנן (וואָס איז צו קבֿורה ניט געקומען);

אַ בת־מלכּה; אַ געפּגרטער (הערינג, מויז, מענקע פֿיש, שליַיען אאַ); אַ גראַף (גראַף ,

פּאָטאָצקי) אַ האָן נאָך תּשמיש [= שוואַך,

.

אָפּגעניצט]; אַ הון נאָך תּשמיש [= צעפּודלט, צעכראַסטעט]; די וועלט וואָלט אויף אים געלעגן; אַ חזן: (אָן אַן עמוד, פֿאַרן עמוד, אָן משוררים); אַ חתן (אונטער דער חופּה), אַ חתן־בּחור; אַ טויטער (הונט, קאָטער, שליַיען אאַ); יורקעס הונט; יעקעלע נאַר; אַ כּלה (אונטער דער חופּה); כוואָליש אין ליַילעך [= ווי אַ טויטע]; די ליכטיקע (זון, לבֿנה, שטערן, טאָג אא); די לינקע זיַיט (קוימען, פֿון אַ בּראָדעווקע); אַ מאָנאַרכ(ע); אַ מויז נאָך ערדציטערניש; אַ מלווה־בּריבּית [= קאַלטער גזלן]; אַ מלמד (אָן אַ קנעלונג, אָן אַ רביצין, אָן אַ טיַיטל, אָן אַ קאַנטשיק אאַ); אַ מת (ד ײַ טעג נאָך דער פּטירה); נאָך אַ תּענית; אַ נאַסע(ר) (האָן, גאָנער, קאַץ, קאָטער אאַ); אַ נעכטיקער [= פֿאַרחלומטער; דער בּיַי וועמען עס איז שוין נאָך אַלעמען]; אַ פּגירה (וואָס די הינט האָבּן ניט אַוועקגעשלעפּט, וואָס מע האָט ניט פֿאַרקאַרשקעט); אַ פּגר אומגעוואַשן; אַ

שע▯ר) (זעקסער, מטבע, שילינגער); אַ פֿאַרשטונקענער (הערינג, פֿיש); אַ פֿלוי (אין אַ טלית, אין פֿאַנטאָפֿל; געפּאַקטע, געשטאָפּטע פֿלוי אין...); אַ צעבראָכענער לולבֿ; אַ קאָץ (אין זויערמילך, אין סמעטענע); דער קוימען (פֿון דער לינקער זײַט, אינעווייניק); ווי קורטע (אויף דער לינקער זײַט); אַ רוח; ווי רײַנע אויפֿן נאַכטטעפּל [= זייער ניט צוציִעוודיק]; דער שוואַרציאָר (אין מילך געקאָכט), אין אַ צילינדער; אַ שיף מיט (נײַע, פֿרישע) זאָרגן וואָלט אים אָנגעקומען; אַ שיף מיט זויערמילך וואָלט אים אונטערגעגאַנגען; די (זײַנע) שיפֿן וואָלטן אונטערגעגאַנגען; אַ שמיד פֿאַרטאָג; אַ שעה פֿאַר טאָג (גסיסה).

אויסזען — אומפּ. עס זעט אויס, עס האָט ~געזען. 1. האָבן אַ פּנים ווי, מאַכן אַן אײַנדרוק ווי. „עס האָט אויסגעזען עפּעס ווי רויזע פֿינקל וואָלט די פּרנסה פֿון שטובֿ מיט זיך גענומען“, אמד. „עס האָט אויסגעזען ניט ווי אַ לשון מיט לעפֿצן, ניט די קליאַטשע רעדט עס, נאָר אַ רוח רעדט אויס איר“, ממוס.

2. מע דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, זיך משער זײַן;
עט איז אַ משמעות. ווי עס זעט אויס ווערט
ער יאָ קומען. „דעם האָן, ווי עס האָט
אויסגעזען, איז אַזאַ סקריפּערײַ אויך ניט געווען
לרצון“, ממוס, מסעות.
אויסזען — טרוו. זע אויס, זעען אויס; ~
געזען. 1. אויסקוקן, באַקוקן; זען אַלץ (וואָס
מע דאַרף). „מיר האָבן אויסגעזען דעם גאַנצן
מוזיי„. „איר זאָלט ניט א, מיט די אויגן וואָס
דאָס האַרץ געלוסט“, מחזור, פּפּמ, 1885, חלק
שני, תּפילה זכה. 2. אויסזוכן, אויסקלײַבן;
אויסגעפֿינען. „ער האָט פֿון אָנפֿאַנג...
אויסגערופֿן אַלע דורות וואָס וועלן זײַן כּדי צו
פֿאָרשטן און אויסצוזען די געדאַנקען פֿון
זייער האַרצן“, דאָרטן, חלק ראשון, 217.
3. אויסשפּירן, מרגל זײַן, טוו פֿאַר 'תּרו,
(במדבּר, יג, 32) — זיי האָבן אויסגעזען.
אויסזען — דאָס & דער, ־ס. נמצ זן]. 1.
אַלגעמיינער דרויסנדיקער אָנבליק; אײַנדרוק וואָס
באַקומט זיך פֿון אַרומנעמען מיטן בליק. האָבן
(כאַפּן) דאָס א, פֿון עפּעס, עמעצן. לויטן א'.
אַן א, וו אַ פֿײַג (אונטער אַ דעכעלע). דער
י
א, פֿון דער שטאָט, געגנט אאַזוו. „מע דערקענט

באַלד אין זייער א אַז זיי שטאַמען פֿון אַ

,

פֿײַנער משפּחה“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'.
„פּרײַטיק־צונאַכטס באַקומט דער הויף עפּעס
גאָר אַ נײַ א', אַ יום־טובֿדיק פּנים“, ממום,
שלמה.

2. מראה. שיין אויפֿן א', פֿון שיינעם א,
(זייער זעלטן בנוגע מיאוס). „טאָמער וועלן די
מענטשן פֿון דעם אָרט מיך הרגען איבער
רבֿקהן, ווײַל זי איז שיין פֿון א'“, תּי, בראשית,
כו, 7 (כּסדר א, פֿאַר 'יפֿת מראה, און 'טובֿת
מראה, אין תּי).

3. געשטאַלט, פֿאַרנעם, אַסאָבע. „עס קומט
אַרײַן מיט ברייטקייט אַ פּריץ, אַ הויכער, אַ
געזונטער, פֿון אַ שיין א'...“, ממוס, שלמה.
„דער זיידע מיט זײַן א„ מיט זײַן ברייטקייט,
האָט זיך זייער געפּאַסט פֿאַר אַ שטאָט־מענטש,„
יק. 4. פּנים, אויסדרוק פֿון פּנים. „אָט קוק
דיך כאָטש אָן דאָס פּנים דײַנס, דאָס א',
גאָרניט דאָס איידלקייט, דאָס ייִדישע פּנים וואָס

פֿריִער,,, ממוס, ספֿר הבּהמות. ,,ווען זי האָט דערזען פֿאַר זיך לערנערן, האָט איר פּנים אָנגענומען איר געוויינטלעכן א,,,, ספּ, סודות.

5. בּילד, געמעל. דער א, פֿון דעם מלך אויף דער מטבּע.

6. אויסבּליק, אויסקוק, אויסזיכט. פֿטמ. דער א, פֿון דער זאַך (דעם ענין).

7. אין געטאָס אונטער נאַציס: אַ גוט א,

= ניט ענלעך אויף אַ ייִדיש פּ.ם.; אַ שלעכט
א, = זעט אויס ווי אַ ייִד; אַ פּרימאַ א, =
גאָרניט ענלעך צו אַ ייִד. „מע וויל מער נישט
אָננעמען קיין קינדער מיט אַ שלעכטן א,„„
יאָנאַס טורקאָוו.

אויסזענדן — טרוו. זענד אויס, ~געזענדט, ~געזאַנ(ד)ט. אַרכ. שיקן, אַרויסשיקן. „דער קוניג טעט זי צום טור אויז זענדן“, בּבֿא־בּוך, 150. „אוייער ואטיר הוט נוך אוייך ור לאַנגן. ער הוט מיך נוך אוייך אויש גיזאנט“, דאָרטן, 492.

אויסזע'נעפּטן — טרוו. ־נעפּט אויס, ~געזענעפּט. בּאַשמירן, בּאַדעקן מיט זענעפּט, מושטאַרדע, אַ צאָל זאַכן; שטאַרק בּאַזענעפּטן. א, דאָס פֿלייש פֿאַרן בּראָטן.

אויסזענקען — טרוו. זענק אויס, ~געזענקט. 1. מאַכן זינקען אין אַ צאָל (וואַסערן, טיפֿענישן) אָדער אַ סך מאָל. א, אַ היפּשן טייל פֿון דעם האַנדלספֿלאָט. 2. פּד. דזוו אויססמאַליען ←.

אויסזעעכץ — דאָס (די), ־ן, ־ער. דזוו אויסזען (מיט בּיטול).

אויסזעען — דזוו אויסזען ←.

אויסזעעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
אויסבּליק, אויסזע. „סוועלן טינקל ווערן דיא אויס

זעהנישן דורך דיא פֿענצטירליך“, מס, קהלת
תּקע“ט, יבּ, ּ 3. 2. האָפֿענונג, אויסקוק. אַן
א, אויף שפּעטער. 3. אָפּדאַכטעניש. דאָס איז
בּלויז אַן א'; נישט ווי אַן א'.
אויסזעער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסזען.
אויסקוקער. “האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן אים ניט
האַלטן פֿאַר אַן א, און רכילות־טרייַבער„,
שיינע מעשׂיות, ווילנע 1878. 2. אויסשפּירער,
טוו פֿאַר מרגל.
אויסזעעריש — אַדי. וואָס קען גוט דערזען,
בּאַמערקן; וואָס איז ווי בּיַי אַן אויסזעער.
. אויסזעצונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסזעצן. „די א, פֿון די געסט
אַרום טיש איז ניט געווען קיין געראָטענע און
עס זייַנען אַרויסגעקומען פֿאַראיבּלס“, רייד.
2. אויסזאַץ, אויסשיט, אויסשלאָג, צרעת. בּאר
התּורה פֿאַרטייַטשט אַזוי 'צרעת, (ויקרא, יג,
2). 3. טענה, קעגן־טענה, אייַנווענדונג. דטשם.
מאַכן (האָבּן) אַן א, קעגן עפּעס, עמעצן.
אויסזעציק — אַדי. וואָס האָט (איז מיט) אַן
אויסזאַץ, אויסזעצונג. קרעציק. מסt פֿאַרטייַטשט
'מצורעת כּשלג, (שמות, ד, 6): „זי וואַר אויש
זעציג“ [תּי: מצורע]. „דיין לייב טוא דיר אָפּט

אָפּ באָדן און וועשן ריין, דרפֿשטו ניט אויש זעציג צו זיין“, עיון, 1/28. “דער בחור ווערט מחילה קרעציג און הענד אונד פֿוס ווערט ער אויס זעציג“, 'בחורים־ליד', פֿפֿמ 1750 [וואַכשטיין־בוך, 52]. ,,א'ע (מצורעים) ווערן אַרויסגעשיקט אונטער דער שטאָט“, קמ, 1868, No .47

אויסזעציקייט — די (דאָס), ־ן. 1.

אייגנאויסזעצן

שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסזעציק. ,,דער מענש זאָל זיך מיט זײַן שונקייט ניט בינעמן. דען ער ווערט גישטראָפֿט מיט אויס זעציקייט אַז מוז זיך פֿר קרעץ אונ בלאָטרן שעמן“, עיון, 2/33. 2. אליהו בחור פֿאַרטײַטשט 'צרעת': אויז זיציקייט [= אויסזעציקייט], שמות דבֿרים, 1542. אויך באר משה אאַ. ,,ניט ליגיט בייא איר, דען זיא האָט איר צײַט, אונ, דאָס זעלביג ברענגט אויז זעציקייט,,, מבּ, מעשׂה מג.

אויסזעצן — אוטוו. זעץ אויס, ~געזעצט.
1. אויסשלאָגן, אַרויסקומען אויף דער הויט. ,,די מאָזלען האָבן נאָך ניט אויסגעזעצט“.

,,וואָס ניט הײַנט איז מאָרגן — דער בלאָטער
מוז א'‘, שע, בלאָנדזענדע שטערן. 2.
אויסשיסן מיטאַמאָל; אויפֿרײַסו. די קאַנאָנען זעצן
אויס.
אויסזעצן — טרוו. ← דפֿוו. 1.
פֿונאַנדערזעצן, זעצן יעדערן אויף זײַן אָרט. פֿאַרזאָרגן
אַלעמען מיט זיצערטער. א, לויט דער ריי (אַ
סדר, דעם פֿריִער אײַנגעשטעלטן פּלאַן אאַ).
א אַלע מענטשן אַרום די טישן. א, אין תּפֿיסה
,
(־סות) =פֿאַרשפּאַרן אין באַזונדערע קאַמערן
פֿון תּפֿיסה אָדער אין פֿאַרשיידענע תּפֿיסות.
2. אַוועקזעצן (מיט אַ באַשטימטער כּוונה).
,,מע האָט די כּלה אָנגעטון דאָס נײַע
חופּהקלייד און אויסגעזעצט צום באַדעקנס‘‘, אַש,
תּהילים־ייִד. ,,מיר זעצן אויס אונדזערע
טעכטער, אונדזערע פֿרויען אין די קראָמען און
אין די טראַקטירן‘‘, אמד, דער בן־יחיד, ווילנע
תּרל‘‘ה.
3 פֿאַרפֿלאַנצן. א, די בוריקעס אין די
.
בייטן. א, ביימלעך אין גלײַכע שורות.
4. אײַנשטעלן (אַ סדר); באַשטימען. א,
תּקנות, כּללים. ,,סע איז בײַ זיי אויסגעזעצט

געווען אַז דער וואָס האָט זײַן אייגנס אַזוי פֿיל
אַלפֿים קומט אים די מעלה און דער כּבֿוד...,,,,
נחבֿ, מט/ג. ,,ווער עס זעצט אויס אַן אָרט צו
זײַן דאַוונען, ער דאַוונט אַלע מאָל אויף איין
אַרט פֿאַלן זײַנע פֿײַנד אונטער אים,,, איבּז,

,

יעבץ, עין יעקבֿ, בּרכות, טו/בּ. ,,יעדערער
איז מחויבֿ אויסצוזעצן אַ צײַט צו לערנען
תּורה וואָרעם אויף דעם איז ער בּאַשאַפֿן
געוואָרן“, מקור הבּרכה II, מונקאַטש תּרנ“ה.

5. אײַנפֿאַסן, אַרײַנפֿאַסן (צירונג, טײַערע
שטיינער אע). ,,זע ווי קונציק די שטיינדלעך
זײַנען אויסגעזעצט געוואָרן אין דעם אויבּל“.

6 פֿאַרטיק מאַכן זאַץ אין זעצערײַ,
אויס.
שטעלן אותיות, שורות. א, אַן אַרטיקל, אַ בּוך
אע.

7. אַרויסזעצן, אַרויסוואַרפֿן. א, שכנים
וואָס צאָלן ניט קיין דירה־געלט. *א, די
בּעבּעכעס = א) אַרויסוואַרפֿן די שטובּזאַכן;
בּ) צונעמען די שטובּזאַכן; ,,אָט, אַוועקגענומען
אַ ייִדישער לערער...איבּערגעלאָזט אַן אַלמנה
מיט יתומים. מיינט איר, מע האָט איר די
בּעבּעכעס אויסגעזעצט? חס ושלום, אינגאַנצן

אַ פֿינף־און־צוואַנציקער באַצאָלט [
קבֿורהגעלט]“, פּרץ; ג) שטאַרק שלאָגן אין בויך.
8. אויסקלאַפּן, אויסהאַקן. א, אַ צאָן, אַלע
ציין, אַן אויג. „אַז מע זעצט איינעם אָן, זעצט
יענער אויס (אַ צאָן, די פֿענצטער)“, שוו.
„מחנות מענטשן לויפֿן משוגענערווײַז, ברעכן

אויסזעצן זיך

פֿענצטער מיט שטיינער, זעצן אויס טירן,
האַקן, בראָקן, רײַסן, צופּן“, ממוס, קליאַטשע.
9. אויסלייגן (צום גוטן אָדער שלעכטן).
א, קאָרטן. פֿאָרויסזאָגן. א, אַ גוטע אָדער אַ
שלעכטע (רײַזע, צוקונפֿט אאַ).
10. געפֿינען פֿעלער (חסרונות); האָבן
טענות קעגן עמעצן (עפּעס); אײַנווענדן. „דאָס
פּאָרל האָט זיך ליב, איינער דעם אַנדערן האָט
נישט חלילה אויסצוזעצן קיין חסרונות“, ממוס,
פֿישקע. „...למשל יענע מוסר־זאָגער, די וואָס
זעצן אויס אונדזערע פֿעלערן, רופֿן אונדז אָן
מיט די שיינע נעמען“, שע, אַלט־נײַ
כּתרילעווקע.
11. אויסליידיקן. „האָט אָנגעגאָסן אַ היפּשע
כּוסה און האָט זי אויסגעזעצט ווי אין אַ ים

אַרײַן“, ייִל, פּוילישע ייִנגל, אַדעס 1895.

12. פּראָטעסטירן. דטשמ. „מיר זעצן אויס קעגן דער האַנדלונג פֿון פֿאָרזיצנדן“ [= פֿאָרזיצער].

13. ברענגען עמעצן אין אַ צושטאַנד. דטשמ. א, אים (אין) דער געפֿאַר = אויסשטעלן אין אַ סכּנה. א, אין אַ פֿאַרלעגנהייט = שטעלן אין אַ פֿאַרלעגנהייט.

אויסזעצן זיך —. אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך פֿונאַנדערזעצן, זיך זעצן יעדערער אויף זײַן אָרט. „תּחילת הלילה, ווען די ישיבֿה־בּחורים האָבן געוויינטלעך זיך אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע טישן...„, ממוס, שלמה. 2. האָבן (געפֿינען) גענוג אָרט צום זיצן. „אין זאַל זעצן זיך אויס אפֿשר אַ טויזנט מענטשן„. „אַ שרעק וויפֿל סאָראָקעס האָבן אויפֿן שפּיץ דאַך דאָרט זיך אויסגעזעצט! אַוודאי אַקעגן אַ תּ“ק שטיק“, ממוס, פּריזיוו. 3. האָבן גענוג אָרט פֿאַר זאַץ. „דער טעקסט האָט זיך ניט געקענט א, אין די דרײַ זײַטלעך“. 4. אויסשלאָגן, אַרויסקומען פֿון אינעווייניק. „אַכט הונדערט מכּות זאָלן זיך אים א, אויפֿן פּנים און אויף דער צונג און אויפֿן גאַנצן לײַב“, שע פֿון

,

כתרילעווקע.
אויסזעצעכץ — דאָס, ־ן (־ער). אויסזעצונג, אויסזעצעניש (אויך מיט ביטול).
אויסזעצעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע אויסזעצונג; דאָס אויסזעצן אַ גרעסערע צאָל. טענה, אײַנווענדונג, חסרונות־זוכעניש.
אויסזעצער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסזעצן. חסרונותזוכער. „ער איז אַ גרימאַזשניק, אַן א', שטענדיק געפֿינט ער חסרונות“, רייד.
אויסזעקסטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געזעקסטלט. (אין לשון פֿון תּלמידים פֿון שולן אין ליטע) אײַנטיילן אין זעקס (טיילן). „אַז מע דריטלט אויס און דערנאָך האַלבירט מען — האָט מען אויסגעזעקסטלט“.
אויסזערנעוועןן — טרוו. ־נעווע אויס, ~ געזערנעוועט. וורר. סל. אַרויסנעמען קערנער. א, רויזן (זונבלומען).
אויסזר▯ען — אוטוו, אומפּ. זריִעט אויס, ~געזריִעט. אוקר. אָנהייבן ליכטיק ווערן אויף טאָג, שאַריִען. עס זריִעט אויף טאָג.
אויסזרקע(נע)ן — ו...זאַ'רקענען] זרקע אויס, ~געזרקעט. אויך: ~זרקעווען, ~ זאַרגען. 1. אַרויסוואַרפֿן, צעוואַרפֿן. א, די

איִבעריקע זאַכן. 2. צעשפּרייטן (קאָנטראַבאַנד,

געגנבֿעטע זאַכן). „דער שמוכלער האָט
אויסגעזזרקעווועט די שטיקער זײַד צווישן עטלעכע
קרובֿים“.
אויסזשאַווערן — ־ער אויס, ~געזשאַווערט.
אוטוו — אינגאַנצן פֿאַרזשאַווערט פֿאַרראָסט
ווערן. „די כּלים האָבן אויסגעזשאַווערט“.
טרוו — מאַכן זשאַווערדיק פֿאַרראָסט. „דער
רעגן האָט אויסגעזשאַווערט דאָס אײַזן“.
אויסזשאַלעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געזשאַלעוועט. קאַרגן, ניט ווערלן אויסגעבן (ווען
מע האָט ווייניק). „ער איז אַ קנאַפּער
פֿאַרדינער, זשאַלעוועט ער אויס יעדן גראָשן“.
אויסזשאַמזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~
געזשאַמזשעט. פֿד. אויסקײַען. א אַ שטיק ברויט
אָן ציין. „קראָליקעס האָבן אויסגעזשאַמזשעט
גרעזעלעך“.
אויסזשאָנגלירן — טרוו. ־יר אויס, ~
געזשאָנגלירט. עפּעס אַרויסקריגן דורך
זשאָנגלירן, מאַכן קונצן, קאָמבינאַציעס, דריידלעך.

אויסזשאַרען — טרוו. ־רע אויס, ~
געזשאַרעט. אוקר. סל. אויסבראָטן, גוט
דורכבּרענען. א, פֿלייש, זערנעס, קוילן.
אויסזשוואַקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געזשוואַקעט. וורר. דזוו אויסזשליאָקען. (בּײַ זש.)
אויסזשווירן — טרוו. זשוויר אויס, ~
געזשווירט. באַדעקן, באַשיטן מיט זשוויר. א,
די שטעגלעך אין סאָד.
אויסזשוזשען — ־זשע אויס, ~געזשוזשעט.
אוטוו — אָנהייבּן אָדער פֿאַרענדיקן זשוזשען
מיטאַמאָל. „עפּעס אַ פֿליגעלע האָט
אויסגעזשוזשעט פֿאַר די אויערן און איז ניט
געוואָרן". טרוו — עפּעס אַרויסבּרענגען
זשוזשענדיק. א, אַ ניגונדל.
אויסזשוזשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זשוזשען און אויפֿהערן.
אויסזשוויבּן — טרוו. זשוויבּ אויס, ~
געזשויבּט. פּר, פּאָדאָליע, מג. אויך: ~
זשויבּען. גיך אַרויסקריגן אַ סך פֿאַרדינסטן. „ער
האָט אויסגעזשויבּט אַן עשירות, זאָג איך אײַך,
פֿון דעם וואַלד", רייד.
אויסזשוליקן — טרוו. ־ליק אויס, ~
געזשוליקט. אַרויסקריגן דורך זשוליקערײַ,
פֿאַלשקייט. „ער איז אַ ייִד אַ תּם און מע האָט פֿון

אים אויסגעזשוליקט אַלץ וואָס ער האָט
געהאַט‟.

אויסזשומען — זשום(־מע) אויס, ~
געזשומ(ע)ט. ← אויסזומען. אוטוו — אַרויסבּרענגען
קלאַנגען זשום־זשום. טרוו — אויסזינגען,
אויסדריקן עפּעס מיט זשומעדיקע קלאַנגען.
זיך צוהערן ווי בּינען זשומען אויס זייער ליד.

אויסזשומען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זשומען
און אויפֿהערן.

אויסזשורטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געזשורטשעט. לר, אוקר. אַרויסבּרענגען שטילע
איינטאָניקע קלאַנגען (ווי פֿליסיק וואַסער) און
עפּעס אויסדריקן מיט זיי. „דאָס קליינע טײַכל
לויפֿט איבּער שטיינער און זשורטשעט אויס אַ
פֿרילינג־ליד‟.

אויסזשורענען — טרוו. ־רע אויס, ~
געזשורעט. לאָקל, קורלאַנד. איבּערקאָכן;
אויסקאָכן פּאַמעלעך, לענגער ווי מע דאַרף. א, די
פֿלייש.

אויסזשיווען — טרוו. ־ווע אויס, ~

געזשיאויסהבֿרן זיך

וועט. אוקר, אין לר, וורר: ~זיוועןְ.

אויפֿהאָדעווען, אויסהאָדעווען. ,,...אויסצוזיווען אַ הון בײַ זיך אין שטוב,,, אמד.
אויסזשיפּען — אַקוזוו. ־פּע אויס, ~ געזשיפּעט. קוים־קוים אויסלעבן; מיט שוועריקייטן אַרויסברענגען לעצטע אָטעמס. א, די לעצטע שעהן. א, נאָך אַ טאָג לעבן.
אויסזשירירן — טרוו. ־ריר אויס, ~ געזשירירט. געבן זשירעס, גאַראַנטיעס אַ צאָל. ,,ווערסט א, זײַנע ווערקסלען, ווערסטו מוזן באַצאָלן".
אויסזשירעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געזשירעוועט. וורר. סל. שטאָפּן כּדי פֿעט צו מאַכן (גענדז, קאַטשקעס, אינדיקעס). א אַן ,

אינדיק אויף פּסח.
אויסזשל(י)אָקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געזשל(י)אָקעט. אויסטרינקען גיך, זשעדנע מיט קלאַנגען פֿון שלינגען. א, דאָס גאַנצע פֿלעשל בראָנפֿן. ,,מע כאַפּט זיך צום צעבער. ערשט — יאָ! דאָס גאַנצע וואַסער מיט די אײַז־שײַבעלעך איז אויסגעזשליאָקעט. קיין טראָפּן איז ניט געבליבן", זש, נח פּאַנדרע. ,,אויסגעזשלאָקעט אַ דורכשלאָג פֿאַרפֿול מיט מילך", לאַט, דאָס

ייִדישע קינד.

אויסזשמיקען — טרוו. ־קע אויס, ~געזשמיקעט. פּאָד, מג. אויסרייַבן מיט זייפֿוואַסער.

אויסקוועטשן. „מע דאַרף זיי אויסווייקן אויף עטלעכע וואָכן און זיי א, אויף אַ וואַשבּרעטל“, נאַד.

אויסזשמעניען — טרוו. ־ניע אויס, ~געזשמעניעט. אוקר. אַרויסנעמען (אַלץ) זשמעניעווײַז, הויפֿנווײַז. א אַש פֿון אויוון. א, אָנגעשאָטענע תּבֿואה.

אויסזשעבּרע(ווע)ן — טרוו. ־רע(ווע) אויס, ~געזשעבּרע(ווע)ט. 1. אויסבּעטלען, אויסשנאָר(ע)ן. א, אַ שטיקל בּרויט, אַ טובֿה. „קלינג אין דער חבֿרה־קדישה, זשעבּרע אויס בּײַ זיי תּכריכים“, בּערג, בּײַם דניעפּער I. 2. דזוו אויסזובּרעווען ←. „אַ בּיסל צוגעשדכנט, אַ בּיסל צוגעקנעלט און אַ בּיסל טאַקע אויסגעזשעבּרעט משניות“, ייִל, קמ, 27 1867, No.

אויסזשעסטיקולירן — טרוו. ־ליר אויס, ~זשעסטיקולירט. אויסדריקן עפּעס דורך זשעסטן. „אין די שטומע קינאָ־בּילדער האָבן ד אַקטיאָרן געמוזט א אַלע זייערע

פֿאַרלאַני ▯

גען און געפֿילן“. „דעם ייִדיש־פּוילישן נעכטן
וואָס... [זיי] זשעסטיקולירן אויס אַזוי פֿאַרבּיק“,
צײַט, טמז, 1954 ▯י 14.

-

אויס הבֿר — פֿראַזע. מער ניט (קיין) חבֿר.
ווערן מיט עמעצן אויס חבֿר און ניט וועלן
מער ▯אָבּן צו טאָן מיט אים.
אויסהבּר — [...כאַ'ווער] דער, (מצ זן) ־ים
[...כאַוויי'רים]. אין לשון פֿון יוגנטלעכע. אַ
חבֿר וואָס איז געוואָרן אַן אומפֿרײַנד. ער איז
מיר ▯וואָרן אַן א'.
אויסהבּרונג — [...כאַ'ווערונג] די, ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסחבֿרן זיך. „די
פֿאַרבּרידערונג, די א, מיטן שׂונא איז געווען
אַ לאָזונג פֿון דער פּאַרטיי קעגן מלחמה“.
-
אויסהבּרן זיך — [...כאַ'ווערן] אוטוו. חבֿר זיך
אויס, זיך ~געחבֿרט. ווערן חבֿר מיט אַ צאָל,
מיט אַלעמען. זיך אויסחבֿרן מיט אַלע קינדער
אין דער כּיתּה.

.

אויסהגא(נע)ן

אויסהגא(נע)ן — [...כאָ'גענען] טרוו. חגא אויס, ~געהגאט. לר. פּראַווען אַ חגא אויף אַ נעגאַטיוון אופֿן (שיכּורן, זיך שלאָגן). "זע — צען זײַנען צעבלוטיקט, דרײַ מיט מעסערשטעך. שיין אויסגעהגאט!,,.

אויסהוזקן — [...כוי'זעקן] טרוו. חוזק אויס, ~געחוזקט. אויסלאַכן, אָפּשפּאָטן, מאַכן צום נאַר. חוזק מאַכן פֿון אַ צאָל (אין אָ גרופּע). ,,זיי האָבן מיך מער אָדער ווייניקער אויסגעחוזקט", זשיט.

אויסה טא(נע)ן זיך — [...כוי'טען] אוטוו. חוטא זיך אויס, זיך ~געחוטאט. איר. זיך פֿאַרזינדיקן. ,,איך וועל זיך ניט א, קעגן אים,

אויבֿ איך וועל אײַך דערציילן...,,, רייד.

אויסה□להן, ~ה□ליען — [...כויל(י)ען] טרוו. חולה אויס, ~געחולהט. אויסקרענקען [א, איז אַ ביסל איידעלער ווי אויסכאָליען ←].

□

אויסהומרן — [...כוי'מערן] טרוו. חומר אויס, ~געחומרט. אויך מיט ז י ך. מוסרניקעס, קאָוונע. עפּעס דערגרייכן דורך זאָרגן זיך וועגן גוף. זיך א, רויטע בעקעלעך און דערנאָך קריגן אַ בײַכל אויך.

אויסה□נפֿן — [...כוי'נעפֿן] טרוו. חונף אוי□ ~געחונפֿט. אַרויסקריגן עפּעס דורך זײַן אַ חונף, אַן אונטערלעקער. ← אויסחניפֿהן.

אויסהוצפּה(נע)ן — [...כו'צפּע(נע)ן] טרוו. חוצפּה אויס, ~געחוצפּהט. אַרויסקריגן עפּעס דורך חוצפּה. ← אויסחצופֿן.

-

אויסהושכן — [...כוי'שעכן] חושך אויס, ~געחושכט. אַקוזוו — אָפּחושכן, אָפּפֿינצטערן. ,,זי וועט בײַ אים א, איר בינטל יאָרן״. טרוו פֿינצטער, ביטער מאַכן. ,,ער האָט איר

. □

אויסגעחושכט דאַס לעבן״.

אויסהזירן — [...כאַ'זערן] טרוו. חזיר אויס, ~געחזירט. 1. שטאַרק, אינגאַנצן אײַנמאַכן, בּרודיק מאַכן פֿאַרחזירן אַ צאָל (זאַכן). א,
.
בּגדים, פּנימער. 2. שטאַרק אויסזידלען, אַרויסשטעלן עמעצן ווי אַ חזיר. „ער האָט אים גוט אויסגעחזירט“, ש. הורוויץ, ,מײַן מאַמעס ווערטלעך, (וורר).

אויסהזרן — [...כאַ'זערן] טרוו. חזר אויס, ~געחזרט. איבּערזאָגן (איבּערלייענען) דאָס אייגענע עטלעכע מאָל; אײַנשאַרפֿן אין זכּרון אויף גוט צו געדענקען. א, אויף אויסווייניק. א, אַזוי אַז מע זאָל עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

אויסהיבּורן — [...כי'בּערן] טרוו. חיבּור אויס, ~געחיבּורט. אין שולן אין ליטע צווישן בּיידע וועלט־מלחמות. דורכפֿירן דעם אַקט פֿון חיבּור מיט אַ צאָל בּײַשפּילן; צונויפֿלייגן. א, גאַנצע זײַלכלעך מיט ציפֿערן.

אויסהידושן זיך — [...כי'דעשן] אוטוו. חידוש זיך אויס, זיך ~געחידושט. אויפֿהערן חידושן זיך, וואונדערן זיך. „דער קעניג האָט זיך ניט געקאָנט א, אויף דער איידעלער שיינקייט פֿון פֿרעמדן“, ייִט, טאָג, 30 XI 1957.
(כּמעט תּמיד מיט ני ט).

אויסהיהן — [...כאַ'יען] טרוו. חיה [כאַיע] אויס, ~געחיהט. שפּײַזן, אויפֿהאַלטן בײַם לעבן. ◻מע נעמט צו...היי. עס וועט ניט זײַן מיט וואָס א, די פּי", ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואַלוציע, 1931.

אויסהיותן זיך — [...כי'יעסן] אוטוו. חיות זיך אויס, זיך ~געחיותט. אויפֿהערן צו

קוויקן זיך מיט עפּעס (עמעצן). „דער זיידע קען זיך ניט א, פֿון די חכמות פֿון גרעאָטענעם אייניקל,,, רייד. (קומט געווײנטלעך מיט ניט).

אויסהיזוקן — [...כי'זעקן] טרוו. חיזוק אויס, ~געחיזוקט. מוסרניקעס, קאָוונע, אײַנפֿעסטיקן אין גוטע מידות. „ניטאָ קיין געַנוג און קיין מאָס פֿאַרן א, זיך".

אויסהילופֿן — [...כי'לעפֿן] טרוו. חילוף אויס, ~געחילופֿט. אויסבײַטן סחורה אויף סחורה, איין זאַך אויף אַן אַנדערער. „מענדעלע און אַלטער חילופֿן אויס תּחינות אויף בבֿאמעשׂיות, שיר־המעלותן אויף קמיעלעך".

אויסהיסורן — [...כי'סערן] טרוו. חיסור אויס, ~געחיסורט. אין שולן אין ליטע צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דורכפֿירן דעם אַקט פֿון חיסור מיט אַ צאָל בײַשפּילן; אַראָפּציִען. „

פֿאַרגעסט ניט בײַם א, צו בײַטן דעם צייכן פּלוס
אויף מינוס און פֿאַרקערט“.
אויסהכמהן, ~הכמען — [...כאָ'כמען,
...כאָ'כעמען] טרוו. חכמה [כאָכמע], חכם [
כאָכעם] אויס, ~געחכמהט, ~געחכמט.
אויסטראַכטן מיט חכמה; איבערקליגן,
איבערחכמהן (די צווייטע פֿאָרעם ס'רובֿ איר). „סאַראַ
פֿאָרטל דו האָסט עס אויסגעחכמט פֿאַרגעס

,

וועגן דעם„.
אויסהלבֿן — [...כײלעוון] טרוו. חלבֿ אויס,
~געחלבֿט. באַשמירן מיט חלבֿ. „דער
גויאישער בעקער האָט אויסגעחלבֿט די בלעכן“.
אויסהלומונג — [...כאָלעמונ I די, ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסחלומען. דעם
קינסטלערס וואונדערלעכע א'.
אויסהלומען — [...כאָ'לעמען] טרוו. חלום
אויס, ~געחלומט. אויספֿאַנטאַזירן.
אויסטראַכטן פֿאָרשטעלן אוממשותדיקס ווי
רע־ .
אַלס. אויסבענקען. א אַ בעסערע וועלט. „אַז

,

מע חלומט ניט אויס קיין גרויסע וויזיע
דערגרייכט מען אויך ניט צו קליינע מעשׂים“.

„זע, סאַראַ חלום ס'קינד האָט זיך אויסגעחלומט, זע, סאַראַ היכן, געוויקסיקן טאַטן דאָס קינד האָט זיך אויסגעחלומט„, הל, אין קיינעמט לאַנד.

אויסהלוקהווען — [...כאַלו'קעווען] טרוו. חלוקהווע אויס, ~געחלוקהוועט. איר וועגן אויסטיילן. מאַכן אַ חלוקה. „בײַם א, זײַנען תּמיד פֿאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן אַז מע האָט זיי באַעוולט".

אויסהלפֿנען — [...כאַ'לפֿענען] טרוו. חלפֿן [כאַלפֿן] אויס, ~געחלפֿנט. עפּעס קריגן, דערגרייכן דורך זײַן אַ חלפֿן, געלטבײַטער. א אַ היפּשן פֿאַרדינסט.

אויסהלקן — [...כיי'לעקן] טרוו. חלק אויס, ~געחלקט. אויסטיילן אין גלײַכע חלקים. א, דאָס פֿלייש. אָנקומען צו אַ בורר ער זאָל א, די ירושה.

אויסהלשן — [...כאַ'לעשן] חלש אויס, ~ געחלשט. אוטוו — 1. אַ סך מאָל חלשן. „וואָס זי פֿלעגט א, און אויסוויינען ימים נוראים!", פּרץ, בילדער און סקיצן. 2. שטאַרק באַגערן. „איך חלש אויס נאָך די אוירינגלעך וואָס איך האָב געזען בײַם יוּוועלירער אין פֿענצטער".

טרוו — עפּעס קריגן דורכן חלשן און
וויינען. „זי האָט אויסגעחלשט בײַ אים די טײַערע

אויסהרפּה(נע)ן

אוירינגלעך וואָס האָבן זיך איר פֿאַרוואָלט„,
דייד.
אויסהמצן — [...כאָ'מעצן] טרוו. חמץ אויס,
~געחמצט. צונעמען (פֿון שטו▯) געגנבֿעטע
זאַכן אָדער קאָנטראַבאַנד. „לאָמיר גלײַך א,
אונדזער הויז, דאָ דרייען זיך אַרום מענטעס
און סי▯ען
— [...כיינדלען] חנדל אויס, ~
געטשיקעס" [= געהיים אַגענטן].
-

אויסהנר
חנדלט. אוטוו — אַרויסווײַזן חן,
ליבלעכקייט. א, מיט די (גרויסע) אויגן. טרוו —
אַרויסקריגן עפּעס דורך חנדלען זיך. „...אַ
בּרוינעם 'קאָסטאַרד־פּײַ', וואָס ער האָט
אויסגעחנדלט בײַ דעם פֿאַרמערס פּרישטשעוואַטער
מויד", הך, מײַן ליכטיקע נסיעה.
אויסהנדלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסשטעלן די שיינע שטריכן וואָס מע פֿאַרמאָגט;

אויסקאָקעטירן אויף אַ באַשיידענעם אופֿן. א,
זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. א, זיך מיט
קענטעניש̇ן.
אויסהנונג — [...כיינונג] די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסחנען. אויספּוצונג,
(קינסטלעך) חנדל. ס'איז ניט נאַטירלעך, בלויז
אַן אָנשטעל, אַן א'.
אויסהניפֿה(נע)ן — [...כ(אַ)ני'פֿען] טרוו.
חניפֿה אויס, ~געחניפֿהט. אַרויסקריגן עפּעס
דורך חניפֿה. א אַ שטעל, אַ טובֿה אאַ.
,
← אויסחונפֿן.
אויסהנען — [...כיינען] טרוו. חן אויס, ~
געחנט. ס'רובֿ מיט ז י ך. אויספּײַנען, אויספּוצן;
אַרויסשטעלן עפּעס מיט שטאָלץ, חנדלעך. „אָט
דאָס איז דאָס אומגליק פֿון דער ייִדישער
שפּראַך וואָס פֿון א, האַלט דער ייִד קנאַפּע
וואָס“, זשיט.
אויסהנסע(נע)ן — [...כאַ'נפֿע(נע)ן] טרוו.
חנפֿע אויס, ~געחנפֿעט. 1. חנפֿענען אַ צאָל
(אַלעמען) פֿון אַ גרופּע. א, פֿון דעם הויפּט
ביזן קלענסטן באַאַמטן. 2. אַרויסקריגן עפּעס
דורך חנפֿענען. אויסחונפֿן, אויסחניפֿהן.

אויסהצוסן — [...כאָ'צעפֿן] טרוו. חצוף אויס,
~געחצופֿט. 1. אַרויסקריגן עפּעס דורך זײַן
אַ חצוף. ← אויסחוצפּה(נע)ן. 2.
אויסשייגעצן, אָנרופֿן חצוף.
אויסהקירה(נע)ן — [...כקי'רען] טרוו. חקירה
אויס, ~געחקירהט. אַרויסדרינגען עפּעס דורך
אַ חקירה. א אַבסטראַקטע אַרויסדרינגענישן

,

אָן ממשותדיקע ראַיות. ← אויסחקרנען.
אויסהקרנען — [...כאַ'קרענען] טרוו. חקרן
אויס, ~געחקרנט. אויספֿילאָסאָפֿירן.
אויסאַנאַליזירן. א, אַז די וועלט אין וועלכער מיר
לעבן איז נאָר אַ דמיון, אַן אָפּדאַכטעניש.
אויסהריפֿן, ~הריפֿע(נע)ן — [...כאַ'רעפֿן,
...כ(אַ)ריי'פֿען] טרוו. חריף, חריפֿע אויס; ~
געחריפֿט, ~געחריפֿעט. דורך שאַרפֿן אַנאַליז
קומען צו אַן אויספֿיר, אַן אויסוועג. א אַ

,

שאַרפֿזיניקן ענטפֿער.
אויסהרמען — [...כיי'רעמען] טרוו. חרם אויס,
~געחרמט פֿאַרחרמען, אַרײַנלייגן אין חרם

.

אַ צאָל. א אַלע אַפּיקורסים.

,

אויסהרפּה(נע)ן — [...כאַ'רפּען] טרוו. חרפּה אויס, ~געהרפּהט. (זאַמעט, ביז סוף 19. יה) פֿאַרשאַפֿן חרפּות. פֿאַרשעמען. „אומבּתּרבּותע וואָס איר זײַט! איר חרפּהט אויס אײַערע טאַטעמאַמעס‘‘*

אויסהרשן

אויסהרשן — [...כיי'רעשן] טרוו. חרש אויס, ~געהרשט. אויסגעפֿינען, דערגיין עפּעס; אויסשמעקן; דערטאַפּן. א, דעם אמת. א, אַ פֿאַרדינסטל.

אויסהשבּונוג — [...כע'זשבּענונג] די, ־ען. אויסרעכענונג. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסחשבּונען.

אויסהשבּוניש — [...כע'זשבּעניש] דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע (אומגעראָטענע) אויסרעכענונג.

אויסהשבּונען — [...כע'זשבּענען] טרוו. חשבּון [כעזשבּן] אויס, ~געחשבּונט. 1. חשבּונען ביזן סוף, ביזן נייטיקן רעזולטאַט. אויסרעכענען, אויסקאַלקולירן. ריכטיק, פֿאַלש א'. פֿאַרגעסט נישט אויסצוחשבּונען וויפֿל סענט „... —

ער ברענגט זיך אײַן אַ טאָג...“, אָפּאַ, 'אַ תּכלית'. 2. באַטראַכטן, אויספּלאַנירן. „ס'איז אַ וויכטיקער שריט און מע דאַרף אים א, פֿון אַלע זײַטן„.

אויסהתמע(נע)ן — [...כאַ'סמע(נע)ן] טרוו. חתמע אויס, ~געחתמעט. אויך מיט ז י ך. אונטערשרײַבן דעם נאָמען, חתמענען אַ צאָל (אַקטן, פּאַפּירן אע). „חתמעט אויס אײַער פֿולן נאָמען אויף אַלע פֿיר זײַטן פֿון דאָקומענט“.

אויסטאָגן — טאָג(ט) אויס, ~געטאָגט. אוטוו — ווערן טאָג. „דערווײַל האָט אויסגעטאָגט און דער פֿאָטער איז געקומען פֿון פֿישמאַרק“, אמד. „אין תּרחאָווקע טאָגט גאָר קיינמאָל ניט אויס“, יכנה“ז, ייִפֿאָל, No. 7 ,1890.

אַקוזוו — מאַכן טאָג, מאַכן די זון זאָל אויפֿגיין (דירעקט און פֿיג). „משיח וועט א, דעם טאָג פֿון שלום און גאולה“.

אויסטאַדלען — טרוו. ־דל אויס, ~געטאַדלט. געפֿינען חסרונות (פֿאַרשיידענע אָדער אין אַ צאָל זאַכן); אויפֿוואַרפֿן חסרונות, אָנווײַזן אויף פֿעלערן. א, די מאָלערס פֿון דער אויסשטעלונג.

אויסטאָוולען — טרוו. ־וול אויס, ~געטאָוולט.

אַרײַנשטעלן טאָוולען; באַדעקן מיט טאָוולען.
„א, די װענט און אויף זיי אויפֿהענגען
צייכענונגען“.
אויסטאַטואירן —־ טרוו. ־איר אויס, ~(גע)־
טאַטואירט. אויסשטעכן די הויט און
אויספיגמענטירן, עס זאָלן זיך באַקומען פֿיגורן.
„זייער נאַקעט לײַב איז אויסטאַטואירט מיט
אַלערליי פֿאַרביקע פֿיגורן, באַשמירט מיט
פֿעטס“, פּרץ, ,װעגן געשיכטע,. „די שטראַלן
ליגן זיך אויף שניי און טאַטואירן אויס אין
זיי לאַנגוויַליקע סימבאָלן„„ סוצ, ייִדישע גאַס.
אַדי: ~(גע)טאַטואירט.
אויסטאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געטאָטשעט. 1. אויסטאָקן, אויסשלײַפֿן. אוקר.
2. אויסגריזשען, אויסעסן, אויסדליבען. *א,
די גאַל = האַלטן אין איין פֿאַרשאַפֿן
האַרצווייטיק. „האָט זי אויסגעטאָצעט דעם מאַן די
מאַרך פֿון די ביינער“, אמד, עוזר צינקעס
או די ציג, ווילנע 1868.
אויסטאַלאַפּעטשען, ~טאָלאָפּעטשען
— טרוו. ־טשע אויס, ~(גע)טאַלאַפּעטשעט,
~(גע)טאָלאָפּעטשעט. אוקר, וורר. 1.
אויסגלאָצן, אויסשטעלן (די אויגן). „איך האָב
אויסגעטאַלאַפּעטשעט אַ פּאָר אויגן און עפּעס

אַזוי תּמעוואַטע געקוקט אַז...,,, ממנס,
קליינמענטשעלע. 2. אַרויסזאָגן אומקלאָר, מיט
שרעק, א, אַ פּאָר ווערטער.
אויסטאַלאַפּ(ק)ען — טרוו. אַפּ(ק)ע אויס,
-
~(גע)טאַלאַפּ(ק)עט. אוקר. אויסטרעטן מיט
שמוציקע פֿיס; אויסבראָדזשען. א, זומפּיקע
וועגן. א, די דילן.
אויסטאַלירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
טאַלירט. אויסמישן, דורכמישן די קאָרטן פֿון
אַ טאַליע (און פֿונאַנדערטיילן צו די שפּילערס).
,,ווער עס קען ניט א, וועט דער ערשטער
פֿאַרלירן‘‘, פֿוול בײַ קאָרטנשפּילערס.
אויסטאָלמאַטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~ג◻ ◻אַטשען. אויסטײַטשן, אויפֿקלערן,
ט למאַ'טשעט. וורר (בּריסק). פּפֿ:
~ט
מסבּיר זײַן. ער כאַפּט זיך ניט אין וואָס עס
גייט, מע דאַרף גוט א, דעם ענין. ← דוווו.
אויסטאָ'למעטשערן — טרוו. ־טשער

אויס, ~געטאָ'למעטשערט. פּפֿ: ~
טאָלמעטש(ע)ן. דורכפֿירן די אַרבעט פֿון אַ
טאָלמעטשער. אויסטײַטשן, אויפֿקלערן. „אַ
זײַטיקער וואָס האָט קוים פֿאַרשטאַנען ייִדיש האָט
זיך גענומען א, זייערע רייד“.
אויסטאַלעבענדען זיך — אוטוו. ־דע זיך
אויס, זיך ~(גע)טאַלעבענדעט. וורר. זיך
אַרומשלעפּן; זיך דורכשפּאַצירן. זיך א אַ גאַנצן
,
זומערדיקן טאָג.
אויסטאַלעפּטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~(גע)טאַלעפּטשעט. וורר. אומקלאָר
אַרויסרעדן. פֿאַרדרייט פֿאַלש אַרויסזאָגן. קוים א,
,
אַ פּאָר ווערטער.
אויסטאַלעפּען טרוו. ־פּע אויס, ~
געטאַלעפּעט. אוקר, וורר. דזוו אויסטעלעפּען ←.
1. אויסשטעלן, אויסגלאָצן (די אויגן). א, אַ
פּאָר אויגן. 2. אויסרייניקן פֿון שליים,
פֿלעגמע (די אויגן).
אויסטאַ'לעצן — טרוו. ־עץ אויס, ~
געטאַלעצט. וורר, אוקר. סל. אַרויסוואַרפֿן,
אַרויסשטופּן. „ער קריכט שוין צו פֿיל אין די אויגן.

אויסטא ריר — טרוו ־ריר אויס, ~(גע)־
ן .
חבֿרה, מיר אים א, פֿון דאַנעט“.

טאָלערירט. באַציִען זיך געדולדיק, ניט־
פֿאַנאָטיש צו אַ צאָל (חסרונות, אידייען, מענטשן).
א אַלעמענס מיינונגען.

אויסטאָלקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געטאָלקעוועט. אויך: ~טאָלקאָ'ווען. סל.
געבֿן צו פֿאַרשטיין, דערקלערן, אויסטײַטשן.
“דאָ האָבֿן אַנדערע זאָקאָנשטשיקעס
אַרויסגעוויזן זייערע גבֿורות און אַזוי
אויסגעטאָלקאָוועט...„ קמ, 3 1869, No.
אויסטאָלקעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זיך אויסטענהן. זיך גוט דורכשמועסן (וועגן
אַ פֿאַרדרייטן ענין). „מיר וועלן זיך א', אפֿשר
וועלן מיר קומען צו אַ טאָלק“.
אויסטאָמערן — טרוו. ־מער אויס, ~
געטאָמערט. איר. עפּעס דערגרייכן דורך האָבֿן
ספֿקות, שרעקן זיך. “טאָמער אַהער, טאָמער
אַהין — וואָס וועסטו א'? בעסער טו וואָס מע

זאָגט דיר“, רייד.
אויסטאָן — טרוו. טו אויס, טוען אויס; ~
געטאָן. ~טוענדיק [לד, ס'רובֿ פּרעסע, זייער א
אָפּט ליטעראַטור. אַלע אַנדערע דד ~'טין'.]
1. אַראָפּנעמען די קליידער פֿון עמעצן. אָפּט

אויסטאַנדעטעווען

מיט ז י ך. א, די קינדער, דעם קראַנקן אאַזוו.
,,און, דא אידרמן זיין הארניש אויז גיטון הט“,
בֿבא־בֿוך, 610. ,,איך האָבֿ מוזין ◌ .ין גוטי ריַיז
קלייד אויז טון אונ, אלטי לומפּין מוזין אַן
טון“, גה, 154. ,,אַך זאָל איין איטליכר
גיווארנט זיין דז ער זאָל זיין בֿצניעות אין זיין
קאמיר, און ער זאָל זיין העמד ניט אויש טאָן,
בֿיז דאַן ער זיך אין זיין בֿעט הניין זעצט,,,
לט 1, 1/27. “עס קומען די טאַטעס, די
שטרענגע, די שטילע און טוען געלאַסן זיך אויס אויפֿן
בֿרעג,,, סעג, אין קאַזמעזש. *א, דעם שבֿת
(יום־טובֿ) = א) אויסטאָן די שבֿתדיקע (
יומטובֿדיקע) בגדים; בֿ) דזוו א, די שבֿתדיקע
קאַפּאָטע (← בֿ2). ,,אויסגעטאָן דעם שבֿת און
אַריַין אין וואָכעדיקן עול“, בֿ. וויַינשטיין, איק◌

ר״ה תש,,ו.

2. בּאַגנבֿענען, בּאַשווינדלען. *א, דאָס העמד פֿון לײַבּ (אַ הוילן, אַ נאַקעטן, הויל, נאַקעט) = צונעמען אַלץ. *א, די לעצטע פּאָר הI.יזן, בּיזן (לעצטן) העמד = בּדלות שטעלן.

3. אַראָפּנעמען, בּאַפֿרײַען (זיך) פֿון עפּעס. ,,שווערן די שבֿועה...ניט א, די שווערד, בּיז פֿרײַ וועט ניט ווערן די ייִדישע ערד,,, אַל, ,יהושע בּן חנן,. ,,ער האָט זיי מדריך געווען, געשמועסט מיט זיי הסידות, זיי אויסגעטאָן פֿון גשמיות,,, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. ,,בּלויז די מאַשין וועט א, די געוואוינהייט וואָס פֿרעסט ווי ראָסט דעם פּויער אויף דער ערד״, פּמ. *א, די צורה = (זיך) איבּערמאַכן דאָס אויסזען. ,,ניטאָ בּײַ אַ ייִדן קיין גרעסער פֿאַרגעניגן ווי אויסטאָן זײַן צורה, וואָס ער האָט בּירושה פֿון זײַן טאַטן״, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'! *א, די קאַפּאָטע = אויפֿהערן זיך קליידן אויפֿן טראַדיציאָנעלן שטייגער, גיין אין אַ קורץ רעקל, אָנטאָן זיך 'דײַטש'. *א, די יום־טובֿדיקע קאַפּאָטע = א) דזוו פֿאַרזעצן. ,,ער האָט אויסגעטאָן די יוס־טובֿדיקע קאַפּאָטע חתונה צו מאַכן די טאָכטער״; בּ) זיך נעמען צו וואָכעדיקער אַרבּעט. *א, דאָס שייטל = אָנהייבּן גיין

אין אייגענע האָר. *א, די קינדערשיכלעך = אויפֿהערן זיך אויפֿפֿירן ווי אַ קינד, זײַן אַ דערוואַקסענע(ר). „איך האָב די קינדערשיכלעך שוין לאַנג אויסגעטאָן“, פֿוול. *א, די שליפֿעס — אַראָפּזעצן פֿון אַמט פֿון גדולה. *א, די — —
,
שאַנד, דאָס שעמהיטל = אויפֿהערן זיך שעמען און טאָן דאָס נייטיקע. „אויסגעטאָן פֿון זיך די שאַנד, מיט אַ זעקל אין דער האַנט, גייט ער אום פֿון הויף צו הויף“, אר, 'דער הענדלער'.

4. טאָן פֿאַרשיידענע זאַכן. „וואָס ער האָט שוין ניט אויסגעטאָן, און קיין מזל איז נאָך אַלץ ניטאָ“, רייד. 5 פֿאַרענדיקן טאָן. אַרכ.
.
„דא ער איז ארויש קומן אונ האָט זײַן תּפֿילה אויש גיטאָן גיהאט, זוא האָט גיזאָגט אליהו הנבֿיא צו ר, יוסי בן קיסמא...“, לט1, 2/18.

6. גוט באַאַרבעטן. *א, די ערד = אַרבעטן אָרום ערד (באַאַרבעטן זי). 7. אויסלייגן אין פֿאָרויס, אויסבאָרגן. אַרכ. „...האָבין זיא איזהו מאות ר„ט ניטיק גיהאט האָט הפּרנס אויז גיטאָן אונ, אַחת לאחת ווידר ביקומן“, גה, 58.
ויסטאַנדעטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,

~געטאַנדעטעוועט. פֿאַרענדיקן אַרבעטן אויף
אַ ניט־געראָטענעם אופֿן. ,,מע צאָלט פֿון שטיק

אויסטאָן זיך

און מע קריגט גראָשנס, מוז מען די אַרבעט
א,“, רייד.
אויסטאָן זיך — רעפֿל אָדער אוטוו. ←
אויסטאָן. באַפֿרײַען זיך, אָפּשיידן זיך, אָפּזונדערן
זיך. *זיך א, פֿון געשעפֿט(ן) = זיך ניט
אינטערעסירן מיט געשעפֿט(ן). א, זיך פֿון אַחריותן,
פֿון חיובֿים; א, זיך פֿון שפּאַן; א, זיך פֿון
מצוות, פֿון עבֿודת הבורא. א, זיך פֿון
עולמהזה פֿון תּענוגים פֿון דער וואָך פֿון דעם

וואָכעדיקן לעבן אאַ זיך א, פֿון זינד, פֿון
תּאוות אאַ. זיך א, פֿון דע'ר־וועלט, דער היגער
וועלט; זיך א, פֿון דער וועלט. ,,...זיך
אויסגעטאָן פֿון דער וועלט מיט אַלע אירע תּענוגים,
זי לחלוטין מבֿטל געווען מיט אַ שמייכל פֿון אַ
גרויסן פֿילאָזאָף“, שע. ,,דאָס איז דער וועג
פֿון דער נבֿואה דווקא, וואָס דאָס איז דאָס א,
זיך פֿון גשמיות,,, תּניא, 317   פֿון אַלדאָס

,, .
פֿינצטער־ערדישע זיך א'‘‘, הלל צייטלין,
שריפֿטן. ,,נאָר אָבער אַז טוסט אַ טו אויס זיך
פֿון זינדיקן בויך פֿון גאַנצן דעם גשמיות

,
אויך, און הייבסט זיך אויף העכער...‘‘,אשט,
 שליס פֿאַרוואָס צינדט מען אָן ליכט?
פֿאַר. ,,
וואָס פֿאַרגייט מען זיך אין געוויין? אַז איך האָב
זיך אויסגעטאָן פֿון מײַן געזיכט און בין ניט
שווערער גוף מער, — ניין‘‘, הל, 'לידער צו
אַ ווײַטן פֿרײַנד'. *א, זיך ביזן העמד = אַלץ
אויסגעבן, זיך אַליין בדלות שטעלן צוליב
עפּעס (למשל: חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער).
*א, זיך פֿון ייִדישקייט = אויפֿהערן
אויפֿפֿירן זיך אויפֿן טראַדיציאָנעלן שטייגער פֿון

,, .
קליינוויז אויף זענען זיי אײַנגעטונקט אין
ייִדישקייט און עלטער ווערנדיק האָבן זיי זיך
דערפֿון אויסגעטאָן,,, ממוס, אַ גרויע האָר,.

,
*א, זיך פֿון דער הויט = אַרבעטן מיט אַלע
כּוחות, זיך שטאַרק באַמיִען. *זיך א, ווי צו
קונצן = א, די אייבערשטע בגדים צווישן

מענטשן ווי אַ קונצנמאַכער וואָס גרייט זיך צו
ווײַזן קונצן (קאָלאָמיי). ווענג אַ פֿרוי, איר:
לײַב, טו זיך אָן; לײַב, טו זיך אויס = א) זי
איז ניט קיין געשטעלטע, אַ ביסל אַ צעדרייטע;
ב) זי טוט גאָרנישט.

אויסטאַנצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסטאַנצן. די א, געווענדט זיך
אין אָנפֿירער.

אויסטאַנצן — טרוו. טאַנץ אויס, ~געטאַנצט.
1. דורכפֿירן אַ טאַנץ ביזן סוף. א, דעם גאַנצן
וואַלץ, דעם נײַעם שער אַזוו. „האָבן דאָס
אויסגעטאַנצט באָרוועסערהייט אין עטלעכע
אַקטן„, נאַד. 2. טאַנצן אַ צאָל (אַלע) טענץ.
א אַלץ וואָס די קלעזמאָרים שפּי ן נאָר.
,
3. טאַנצן מיט אַ צאָל (אַלע) פּאַרטנערס. א,
מיט אַלע בחורים. 4. אַרויסנעמען אַ צווייטנס
פּאַרטנערין (אין מיטן טאַנץ). „ער האָט זיך
פֿלינק אַרײַנגעשניטן אין זיי און אים נאָך
פֿלינקער אויסגעטאַנצט זײַן מיידל“, העשעלעס.
5. קריגן עפּעס טאַנצנדיק (מיט אַ פּאַראַד). „די
אַלע הײַזער, וואו מע האָט זי בלינד געמאַכט,
האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט, אויסגעזוכט און
אויסגעטאַנצט איר אַן אַלטן אַלמן פֿאַר אַ רובל

45“, פּרץ. 6. אַרויסבּרענגען עפּעס דורך טאַנצן. א, די פֿרייד, דעם צער. “טאַנצט נאָך ווילדער, בּיז ער האָט פֿון זיך אויסגעטאַנצט די נשמה“, חג, ישיבֿה. „...טאַנצן אויס...די

ווײַטע אייבּיקייט פֿון שלמהס וואָרט“, ל. אייכענראנך, לעצטע נײַס, ת“א 0□19.

אויסטאַנצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. טאַנצן און אויפֿהערן; טאַנצן בּיז ניט קענען (ווען) מער. זיך א', ממש פֿאַלן פֿון די פֿיס.

אויסטאַסעווען — טרוו. ־סעווע אויס, ~ געטאַסעוועט. 1. אויסטאַלירן, אויסטאַשן קאָרטן. א אַז די מאַסטן זאָלן זיך גוט אויסמישן.

,

2. אויסמישן פֿאַרשיידענע זאַכן אָדער פֿון פֿאַרשיידענעם ווערט. א, אינאײנעם גוטע און האַלבּ־פֿאַרפֿוילטע עפּל.

אויסטאַסקע(ווע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אויס, ~געטאַסקע(ווע)ט. אוקר. סל. איבּערשלעפּן, אַריבּערטראָגן אַ צאָל שווערע זאַכן. „ער האָט געגנוג זעקלעך מעל אויסגעטאַסקעט אויפֿן רוקן„.

אויסטאַפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטאַפּן. אַן א, בּײַ דער

גרענעץ.
אויסטאָפּטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געטאָפּטשעט. אויסטרעטן; אויסטראַמפּלען; דריקן מיט (שווערע) פֿיס איבער אַ צאָל ערטער. א, דעם גאַנצן בלאָטיקן וועג. א, די ערד אַרום די פֿאַרפֿלאַנצטע ביימלעך. „איך האָב אַ שטעגעלע אַ שמאָלע אויסגעטאָפּטשעט, אויסגעטראָטן„, טעג, שטילע טרוימען.
אויסטאָפּיען — ־פּיע אויס, ~געטאָפּיעט. סל. אוטוו — אויסשמעלצן (גיך פֿון ווינט; טראָפּנווײַז). „דאָס ליכט טאָפּיעט אויס. פֿאַרמאַך ס'פֿענצטער". טרוו — דערטרענקען אַ צאָל. א אַלע הינטלעך וואָס די צויג האָט גע,

בוירן.
אויסטאָפּיען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך אויסווייקן. א, זיך אין שווייס, אין אַנגסטן, אין שרעק. 2. דערטרונקען ווערן. שיִער נישט אויסגעטאָפּיעט זיך פֿאָרנדיק אויפֿן אײַז.
אויסטאָפּלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטאָפּלען. אַן א, אָן גרײַזן.
אויסטאָפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געטאָפּלט. מאַכן עס זאָל זײַן טאָפּל, צווייפֿאַך. אויסכּפֿלען

אויף צוויי. א, די שׂכירות; א, אַלע צאָלן.

אויסטאַפּן — טרוו. טאַפּ אויס, ~געטאַפּט.

1. גרינטלעך טאַפּן, פֿילן מיט די הענט, אָנרירן פֿון אַלע זײַטן. א, סחורה און זי ניט קויפֿן. 2. טאַפּן אַ צאָל זאַכן. א, דעם פּויערס אַלע הינער צו קויפֿן די פֿעטסטע הון. „דער בלינדער טאַפּט אויס מיטן שטעקן יעדן שטיין אין וועג“. 3. אויסצערטלען, אויסלאַשטשען. “זי קושט און גלעט דאָס קינד און טאַפּט אים אויס אַלע ביינדעלעך“. *א, די (אַלע) ביינדעלעך = איר, אָנבּרעכן די ביינער. וואול, א, די מויד, אַלע מיידלעך. 4. אויספֿרעגן, אויספֿאָרשן, אויסשנאַפּן. דערגיין. „אַלע זײַנע פֿאַרבאָרגענע זאַכן טוסטו [גאָט] אויסזוכן און טוסט אויסטאַפּן“, איבּז פֿאַוויר, בּחינת עולם, ווילנע תּר"ך. „איך האָב בײַ אים אויסגעטאַפּט דאָס האַרץ אַז ער האָט זי טאַקע פּשוט ליב“, ייִל, פּוילישע ייִנגל, 1895. “ער רײַבּט זיך צווישן פּריצים, לאָז ער א, בײַ זיי, צי קאָן מען האָבּן אַ פּלאַץ...“, שע, מנחס־מענדל. „ער האָט זיך זײַנע וועגן אויף אויסצוטאַפּן יענעמס תּוך“, בּערג, בּווס דניעפּער I.

אויסטאַפּן זיך — קזוו. ← דפּוו. „דאַרפֿן

אויסטאַראַטשען

די צוויי זיך באַקענען פערזענלעך איינער מיטן אַנדערן...זיך א, איינס דאָס אַנדערע“, בצג, טמז, 12 1 19 I.

ויסטאַפעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע (כסדרדיקע) אויסטאַפונג.

אויסטאַפּעצירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון טאַפּעצירן.

אויסטאַפּ(ע)צירן — טרוו. טאַפּ(ע)ציר אויס, ~(גע)טאַפּ(ע)צירט. 1. פֿאַרענדיקן טאַפּעצירן, באַקלעפּן אַ צאָל (ווענט) מיט טאַפּעטן. א, דאָס צימער. ,,די וֹון טאַפּעצירט אויס מיט גאָלד אַלע ווינקלען אין הויז“, איבז ייִש, ביאַליקס 'דער מתמיד'. 2. דורכפֿירן די אַרבעט פֿון אַ מעבל־טאַפּעצירער. ,,ערשט מיט אַ יאָר צוריק אויסטאַפּעצירט די קאַנאַפּע און איצט דאַרף ן זי ווידער איבערטאַפּעצירן,,, ־ייִד. מ

אויסטאַפּן — טרוו. טאַפּ אויס, ~געטאַפּט. לאָקל (לעמבערג). (בלעכערײַ) אויסהאַמערן אַ שטיק בלעך אָדער אַ קופּערנע פּלאַטע מיט אַ ספּעציעלן טאַף־האַמער וואָס האָט אַ

קײַלעכדיקן קאָפּ.
אויסטאַצלען — טרוו. ־צל אויס, ~
געטאַצלט. לאָקל (קעלצער געגנט). אויסבײַטלען
,
אויסליידיקן יענעם די קעשענעס דורכן
אָפּגעווינען געלט בײַם שפּילן אין קאָרטן. א, אַ
יאָלד וואָס קען ניט שפּילן.
אויסטאַצן — טרוו. טאַץ אויס, ~געטאַצט.
קינדער־לשון, ליטע. אַוועקלייגן אויף טאַצן.
"לאָמיר איצט א, די קיכעלעך פֿאַר יעדן
באַזונדער".
אויסטאָקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסטאָקן. אַ שיינע (געראָטענע,
מײַסטערדיקע) א,.
אויסטאָקן — טרוו. טאָק אויס, ~געטאָקט.
1. אויסשניצן, אויסדרעקסלען, אויסשנײַדן
מיט אַ מעסער אויף אַ דרייבאַנק. אויסרונדיקן.
א, צאַצקעדיקע פֿיסלעך פֿאַרן שטול. 2.
אויסצירן, ציזעלירן; פֿאַרפֿולקומען. א, יעדן טאָן
אויף דער פֿידל. 3. אויסטראַכטן אַ קונציקן
(קײַלעכדיקן) ליגן. „ער איז ניט סתּם אַזוי אַ
ליגנער, ער טאָקט אויס זײַנע מעשׂיות
שפּיצע(וו)דיק און קײַלעכדיק". 4. אויסדריקן
עפּעס אויף אַ קונציקן (שיינעם) אופֿן. „מיט

ליפּן א, דײַן...פֿרייד,,, קוו, טריט.
אויסטאַקסירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטאַקסירן. (אומ)יושרדיקע א'.
אויסטאַקסירן — טרוו. ־סיר אויס, ~(גע)־טאַקסירט. 1. אַרויפֿלייגן אַ טאַקסע, אָפּצאָל, שטײַער אויף אַ צאָל (מענטשן, זאַכן). ,,א, מיט אומזאַץ־שטײַער, מיט האַנדל־שטײַער, מיט פּאַטענט־שטײַער און מיט וואָס נאָר מע קען אויסטראַכטן“. 2. אָפּשאַצן דעם פֿאַרמעגן, דעם ווערט פֿון אַ צאָל מענטשן. ,,ווען קבצנים שמועסן וועגן בעלי־בתים, טאַקסירט מען זיי גלײַך אויס אין די צענדליקער טויזנטער“.
אויסטאַראַבאַניע(ווע)ן — טרוו. ־ניע(ווע) אויס, ~(גע)טאַראַבאַניע(ווע)ט. וורר. פֿרגל: ~באַראַבאַנעווען. אויסקלאַפּן אויף אַ פּויק. צעשפּרייטן אַ ידיעה. א, די נײַס, אַ רכילות. א, א מעלאָדיע.
אויסטאַראַטשען — אַקוזוו. ־טשע אויס, ~געטאַראַטשעט. וורר, אוקר. סל. פֿרגל: ׳י.־

טאַאויסטאַראַכקען

ראַשטשען. אויסשטעלן (אויגן, אויך ציין). א,

אַ פּאָר ווילדע אויגן.
אויסטאַראַכקען — טרוו. ־קע אויס, ~(גע)־
טאַראַכקעט. פּפּ: ~טאָראָכקען. דזוו
אויסטראַכ(ק)ען.
אויסטאָראָפּטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך
אויס, זיך ~(גע)טאָראָפּטשעט. וורר. סל.
אויפֿהערן זיך ראַנגלען. זיך א, און זיך אויפֿהייבן
פֿון פּאָדלאָגע.
אויסטאַראַראַמע(ווע)ן — ראַם(עווע) אויס,
~געטאַראַראַמ(עווע)ט. אוטזן — אָנהייבן
טומלען אַ סך. „וואָס דער חבֿרה־מאַן קען א,
דורכן טאָג!“. טרוו — דורך טומלעניש עפּעס
אויסדריקן, אַרויסברענגען. א, די פֿרייד.
אויסטאַראַראַמע(ווע)ן זיך — אוטוו. ←
דפֿוו. אויפֿהערן טומלען; אַרומלויפֿן, שוויצן
און עסקן זיך. „ס'איז שוין נאָכן יאַריד און די
סוחרים האָבן זיך שוין אויסגעטאַראַראַמט“,
רויד.
אויסטאַראַשטשען — אַקוזוו. ־שטשע אויס,
~געטאַראַשטשעט. וורר, אוקר. סל.
אויפֿעפֿענען ברייט און אַ לענגערע צײַט אָנשטעלן
דעם בליק פֿון די אויגן; אויסלופּען,
אויסגלאָצן, אויסשטעלן די אויגן (אויך די ציין).
„דער רבי האָט אויסגעטאַראַשטשעט אויף אונדז

זײַנע גזלנישע אויגן,,, קאָפּעלאָוו.
אויסטאָרגעווען — טרוו. ־געווע אויס, ~ געטאָרגעוועט. וורר. אויסדינגען, אויסהאַנדלען. קויפֿן עפּעס ביליקער נאָך אַ לאַנג דינגעניש. ,,ווי נאָר כ'וועל אים אויסגראָבן, וועל איך אָפּנעמען מײַן חלק און וועל דיך א, בײַ [אים],,, ברוסילאָוו, די שטילע ערד, 242.
אויסטאָרטור(ע)ן — טרוו. ־טור(ע) אויס, ~געטאָרטור(ע)ט. זן. אַרויסקריגן דורך פּײַניקן. ,,מע האָט אויסגעטאָרטורעט פֿון די אַרעסטירטע משונהדיקע באַשולדיקונגען קעגן זיך גופֿא‘‘, רייד.
אויסטאָרליען — טרוו. ־ליע אויס, ~געטאָר ליעט. פּד. אויסקײַקלען אין שמוץ. אויך מיט ז י ך. א, זיך ווי אַ חזיר.
אויסטאָרמאָשען — טרוו. ־שע אויס, ~ געטאָרמאָשעט. רוסיצ. אויסטרייסלען, אויסשאָקלען. ‘‘דער וועג מיט די גרודעס האָט אויסגעטאָרמאָשעט די ביינער‘‘.
אויסטאַרן — טרוו. טאַר אויס, ~געטאַרט. לד. באַשמירן, באַדעקן מיט טאַר, סמאָלע. א, און באַשיטן מיט פֿעדערן.
אויסטאַרע(ווע)ן — טרוו. טאַרע(ווע) אויס, ~געטאַרע(ווע)ט וורר, אוקר, מג. 1.

אויסגלײַכן אַ וואָג, אויסבאַלאַנסירן בײדע צינגלעך
(דורך צוגעבן געוויכט, זאַכן). א, אַ כלי.
,,א, דעם סלאָי‘‘, יאכ. 2. אָנמעסטן,
אָנפּאַסן (קלײדער); אויסגלײַכן דעם פֿאָרנט און
דעם הינטן פֿון אַ קלײד. ‘‘טראָג דאָס קלײדל
צו דער שנײַדערקע, זי וועט עס א',,.
אויסטאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~געטאָרעט.
אָפּט מיט ז י ך. פּד. ← אויסטאָרליען.
1. אויסבּרורקן, אויסחזירן, אויסוואַלגערן אין
בלאָטע, שמוץ. 2. אויסרײַסן, אויספֿליקן,
אויסשאַרפּען. א, גאַנצע שטיקער.
אויסטאַרעראַמע(ווע)ן — דזוו
אויסטאַראַראַמע(ווע)ן ←.
אויסטאָרקלען — טרוו. ־קל אויס, ~

גע246

טאָרקלט. פּפֿ: ~טערקלען. אויסוואָרקען.
דורך קלאַנגען (ווי) פֿון אַ טויב עפּעס
אויסדריקן. א, געפֿילן, ליבשאַפֿט. א, די
בענקשאַפֿט פֿאַר דער לבֿנה.
אויסטאָר(ק)ען — טרוו. טאָר(ק)ע אויס,
~געטאָר(ק)עט. פּפּ: ~טור(ק)ען. 1.
אויסטרײסלען, אויסשאָקלען. א, די קישקעס. א,

אַלע ביינער. 2. אויסקלאַפּן אין די זײַטן;
שטויסן מיט אַ פּאָר פֿינגער, מיט אַ פֿויסט.
אויסטאַשן —, טרוו. טאַש אויס, ~געטאַשט.
אויסמישן די קאָרטן (איידער מע טיילט זיי
פֿונאַנדער צווישן די שפּילערס). אויסטאַלירן,
אויסטאַסעווען. „און איך פֿרעג אָן בײַם
קאָרטנשפּיל, ווען מ'האָט שוין אויסגעטאַשט,
פֿאַרוואָס מיר קומט אין ביידע הענט אַ מכּה מיט אַ
פֿײַג!“, מלה. אויך: סתּם אויסמישן.
אויסטאַשעווען — טרוו. ־שעווע אויס, ~
געטאַשעוועט. לאָקל (קעלצער געגנט). אויסבײַטן
סחורה אויף דער טאַשעוואַניע, מאַרק פֿון
אַלטוואַרג פֿון ביליקע זאַכן.

,
אויסטו — דער, ־ען. טײַטשוואָרט. גאַנג
מלבושים (וואָס מע טוט אָן, טוט אויס). „און
[שמשון] האָט געשלאָגן פֿון זיי דרײַסיק מאַן
און צוגענומען זייער א“‘, תּ״, שופֿטים, יד,
19; „און כאַפּ דיר אָן איינעם פֿון די יונגען
און נעם דיר זײַן אויסטו“, דאָרטן, שמואל ב,
ב, 21 [פֿאַרטײַטשט פֿון 'חליצותם, און
'חלצתו'].
אויסטואונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסטאָן
(זיך). „די א, אין אַלעמענס אויגן האָט

שאָקירט“.

אויסטובֿלען — [...טויוולען] טרוו. טובֿל אויס, ~געטובֿלט. אָפּט מיט ז י ך. אויסבּאָדן, אויסטוקן, אויסטונקען; דורכפֿירן דעם אַקט פֿון טבֿילה גרינטלעך אָדער אַ צאָל מאָל (איבּער אַ צאָל זאַכן). א אַלע כלים. א, זיך אין דער

,

מקווה אַ פּאָר מאָל.

אויסטוואַנ(י)עווען — טרוו. ־נ(י)עווע אויס, ~געטוואַנ(י)עוועט. וורר, אוקר. סל. מאַכן אַ טוואַן, אַ בלאָטע. „דער רעגן האָט אויסגעטוואַנעוועט אַלע וועגן“.

אויסטוטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געטוטלט. זאַמעט, אויך אין פּר. פֿונאַנדערשיטן אין טוטלען, פּאַפּירענע זעקלעך. „דער קרעמער האָט אויסגעטוטלט אַ פּוד שטרייצוקער אין פֿונטיקע טוטלען,..

אויסטוטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געטוטשעט. אָפּט מיט ז י ך. פּד. אויספֿילן, אויסשטאָפּן. זיך א, מיט טרייפֿענעם קאָלבאַס.

אויסטויבּן — טרוו. טויבּ אויס, ~געטויבּט. פֿאַרטויבּן; טויבּ מאַכן. א אַלעמענס רייד.

,

אויסטויגן —, אוטוו, אומפּ. טויג אויס, ~

געטויגט. זײַן גוט, זיך פּאַסן. „באשר בכן עס טויג זיי אַזוי אויס צום הויקער“, בימקאָ.
*א, צום רומל = צום גאַנצן עסק; זיך אַרײַנפּאַסן אין אַ באַשטימטן קרײַז.
אויסטויגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זײַן גערא͏ָטן, פֿעאיק צו עפּעס; פּאַסן זיך צו עפּעס; דינען (זײַן גוט) פֿאַר עפּעס. *א, זיך צום עסק = זײַן געניט, געראָטן, פֿלינק. „אַ ייִד טויג זיך אומעטום אויס“, שוו.
אויסטויגער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער ס'איז פֿעאיק, געשיקט, אַ בריה צו אַ

אויסטוישן

סך זאַכן. „אַן א': וואָס די אויגן זעען — מאַכן די הענט“. „אָט דאָס איז אַן א, — צו אַלץ לייגן זיך אים די הענט„. „אַ שיינער א', ער קען דער קאַץ דעם עק ניט פֿאַרבינדן„.
איר וועגן אַ גנבֿ. „אַן א': וואָס די אויגן זעען — נעמען די הענט„. איר וועגן אַ שלימזל.
אויסטויטן — טרוו. טויט אויס, ~געטויט. ←אויסטייטן. [אַרויסגערעדט מיט 'וי, אין ביאַליסטאָק און בריסק און דעם פּאַס צווישן זי].
„לינקס און רעכטס, צו צען און צוואַנציק, האָט

ער אויסגעטויט אָן מיטלײַד", יהואָש.
אויסטויטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געטויטשעט. פּאָדאָליע, וואָלין, מג. אויסקלאַפּן, אויסשטויסן. א, דאָס אייבּערבּעט. א, די קאָלדרעס מיט אַ שטעקן.
אויסטויטשען זיך — ← דפּוו. אוטוו — זיך וואַלגערן (אין דער פּרעמד, אין שמוץ); זײַן נע־ונד. א, זיך איבּער אַלע הקדשן. „קאַרג האָבּן מיר זיך אויסגעטויטשעט בּײַם לעבּן, קענען מיר דאָ אויך קיין מנוחה ניט האָבּן", קמ, 14 1868, No. קזוו — 1. דורכשלאָגן זיך. „איך זאָג: זיי טויטשען זיך אויס; זיי זאָגן: זיי בּאָקסן זיך אויס", רייד. 2. וואול — מזנה זײַן. "מיט וועמען זי האָט זיך שוין ניט אויסגעטויטשעט", רייד.
אויסטויען — אוטוו, אומפּ. עס טוי(ע)ט אויס, עס האָט ~געטוי(ע)ט. זיך בּאַדעקן מיט טוי. „איך בּין געשלאָפֿן אויפֿן גראָז, און שפּעט בּײַנאַכט האָט אויסגעטויט, בּין איך דורכגענעצט א I. דורכגעציטערט געוואָרן", פּבּ.
אויסטויסן — טרוו. טויף אויס, ~געטויפּט. 1. דורכפּירן פּראָצעס פֿון בּאַשפּריצן מיט הייליק וואַסער (בּײַם אָננעמען קריסטלעכן גלויבּן, בּײַם אַרײַנבּרענגען אַ קינד אין

קירכלעכער געמיינדע אאַ) איבער אַ צאָל. „און וואָס קומט שוין אַרויס דערפֿון אַז איר טויפֿט שוין עטלעכע אויס? דערמיט וועלן זיי קריסטן זײַן וואָס זיי פֿאַרזוכן די האָשטשע מיט ווײַן?“, אבֿג. 2. אויסשמדן. דטשמ. „אַ דריטער האָט אים געשריגן: 'אַרעמער דײַטש! דו וועסט שוין באַלד די חבֿרה א', נעם גאָל דיר די באָרד אָפּ!,“, ייִפֿאָל, 5 1887, No.

אויסטויפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (וועגן אַ גרופּע) אַריבערגיין פֿון אַן אַנדער גלויבן אין קריסטלעכן. „פֿינף מיליאָן ייִדן וועלן געוויס זיך אַזוי גיך ניט א',„ פּרץ.

אויסטויש — דער, ־ן. פּר. 1. אויסבײַט, חילוף. 2. דטשמ. דאָס קעגנזײַטיקע בײַטן זיך מיט מיינונגען (בעל־פּה אָדער בכתבֿ). א, פֿון מיינונגען, געדאַנקען, בריוו אאַ.

אויסטוישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטוישן. אויסבײַט.

אויסטוישן — טרוו. טויש אויס, ~געטוישט. פּר. 1. אויסבײַטן. א, איין זאַך אויף אַ צווייטער. א, געלט אאַזוו. 2. פֿאַרבײַטן איין זאַד מיט דער צווייטער. „און יום־כּיפּור צו נעילה נישט א, די ליכט“, פּרץ. „באַגינען האָבן זיך די רויזן אויפֿגעמאַכט און בײַ דער זון אויף

ליכט די ריחות אויסגעטוישט“, הר, אונטער
גאָטס הימלען. *א, דאָס רענדל = אויסבײַטן
דאָס רענדל, זיך שמדן. „אַ ייִד — איר הערט?
אַ ייִד וואָס האָט אויך נישט אין זין צו
פֿאַרלאָזן די כּנסת־ישׂראל, א, דאָס רענדל (מע זאָל

אויסטוישן זיך

זײַנער פּטור ווערן)“, פּרץ. נדטשמ. בײַ
שרײַבערס פֿון אַנדערע דד: „ברענגען די אַלע
מענטשן־מאַסן צוזאַמען אום אויסצוטוישן
זייערע אַרבעטן“, יהואָש].
אויסטוישן זיך — קזוו. ← דפֿוו. א, זיך מיט
די קאַלאָשן.
אויסטוישעניש — דאָס, ־ן. פּר. דאָס
אויסבײַטן זיך מיט אַ זאַך (זאַכן). געדויערדיקער
פּראָצעס פֿון אויסטוישן.
אויסטוליען — טרוו. ־ליע אויס, ~געטוליעט.
לד: ~טולענען. טוליען איינציקווײַז, אַ צאָל,
אַ גרופּע. א, יעדער קינד באַזונדער.
אויסטומלען — ־מל אויס, ~געטומלט.
אוטוו — פּלוצעם, מיטאַמאָל אויפֿהייבן אַ
טומל. „מע האָט אויסגעטומלט, און דער זאַל
איז פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון געשרייען“.

טרוו — דורך געשרייען, ליאַרעם, אויסדריקן (געפּילן). א, פֿרייד, אויפֿרעגונג, כּעס אאַ.

אויסטומלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

אויסדולן זיך; אויסשטיפֿן זיך. פֿאַרענדיקן טומלען. „נאָר ער טומלט זיך1 — זאָל ער, ביז ער וועט זיך א'", אָקרוטני, טאָג, 2 .3 1959 XI.

אויסלאָדן ענערגיע אין פּוסטן האַוועו. קהלן זיך; עסקן זיך מיט עפּעס. „אַ קאָכלעפֿל — טומלט זיך אויס און קהלט זיך,,, רייד.

אויסטומלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטומלען (זיך).

אויסטומפּיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געטומפּיקט. מאַכן שטומפּיק. אויסטעמפּן ←. א, אַלע מכשירים.

אויסטון (זיך) — טו (זיך) אויס, (זיך) ~ געטון. ← אויסטאָן (זיך).

אויסטונקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געטונקלט. מאַכן טונקל, פֿינצטערלעך. דריי אַראָפּ דעם קנויט אויסצוטונקלען די שײַן.

אויסטונקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

ביסלעכווײַז, פֿון זיך ווערן טונקל, פֿינצטערלעך. „די זון איז פֿאַרגאַנגען, דער דרויסן טונקלט זיך אויס".

אויסטונקען טרוו. טונק אויס, ~

געטונקען, ~געטונקט. 1. ביזן סוף מאַכן
אײַנזאַפּן אַ פֿליטיקייט דורך טונקען, דורך
אַרײַנלייגן אַהין (אַ צאָל מאָל) אַ שוואָמיקע זאַך. א,
די גאַנצע יויך מיט דער חלה. א, מיט דעם
לעקעך דעם ווײַן פֿון בעכער. 2. אויסניצן
די זאַך וואָס מע טונקט אײַן. א, די חלה, דעם
לעקעך. „זי האָט אויך געטרונקען — זיסן
בראָנפֿן; נאָר פֿאַר דאָס האָט זי אַ מאַסע
לעקעך אויסגעטונקען“, פּרץ. 3. אויסניצן דעם
גאַנצן חלבֿ (וואַקס) בײַם ציִען ליכט.
אויסטונקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטונקען.
אויסטועכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. דאָס וואָס
מע טוט אויס. 2. (ביטול) פּראָצעס פֿון
אויסטאַן (זיך).
אויסטועניש — דאָס, (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסטאָן (זיך).
אויסטופּען — טרוו. ־פּע אויס, ~געטופּעט.
1. דורכגיין מיט שווערע טריט (אַ געוויסן
שטח); אויסטרעטן, אויסטראַמפּלען. א, די
בלאָטע. א, עטלעכע טריט. 2. דורך
אויסקלאַפּן מיט די פֿיס עפּעס אויסדריקן. א, דעם
כעס. א, אַ מאַרש. „א, ידיעות“, פּמ.

אויסטופּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קלאַפּן
מיט די פֿיס און אויפֿהערן. „די קינדער האָבן
זיך אויסגעטופּעט ווי די פֿערדלעך“.
אויסטופּצען — טרוו. ־צע אויס, ~
געטופּצעט. וורר. אויך מיט ז י ך. 1. דזוו
אויסטופּען. 2. אויסטרעטן מיט אומזיכערע טריט.
„מײַן זונעלע טופּצעט שוין אויס די גאַנצע
לענג פֿון צימער“, רייד.
אויסטוקן — טרוו. טוק אויס, ~געטוקט.
אָפֿט מיט ז י ך. 1. עטלעכע מאָל אַראָפּלאָזן
אין וואַסער. א, זיך אין מקווה. א, וועש אין
בּאַליע. 2. אַרויפֿבּרענגען און אַראָפּלאָזן וואָס
דערמאָנט אין טוקן אין וואַסער. „דער לאָמפּ
האָט אויסגעטוקט זײַן לעצטן שײַן“, ראָלניק,
געקליבּענע שריפֿטן.
אויסטוקען — טרוו. ־קע אויס, ~געטוקעט.
פּפֿ: ~סטוקען. 1. אויסקלאַפּן (געוויינטלער
מיט אַ פֿויסט); אויסבּוכצען. א, די בּיינער, די
ריפּן. 2. אויסקלאַפּן מיט אַ פֿינגער (איבּער
האָלץ), ענלעך צו טוק־טוק.
אויסטורמייטערן — דזוו
אויסטרומייטערן ←. „אַזוי הט מן גלאָזט אויש

טורמייטרין
אונ, אויש רופֿן“, שי, כבֿ/א.
אויסטורעמען — טרוו. ־עם אויס, ~
געטורעמט. מאַכן, אויפֿשטעלן אַ צאָל טורעמס
(איבֿער עפּעס). א, די ווענט פֿון דער פֿעסטונג.
,,כ'האָבֿ...די ערד...געטורעמט, אויסגעטורעמט,,,
א. ניסענזאָן, מעטעאָרן.
אויסטור(ק)ען — טרוו. טור(ק)ע אויס, ~
געטור(ק)עט. דזוו אויסטאָר(ק)ען ←. (אין זאַמעט
אויך: אויפֿוועקן פֿון שלאָף דורך שטויסן).
אויסטושירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
טושירט פֿאַרענדיקן רעטושירן; פֿאַרשענערן (אַ
. —
צאָל פֿאָטאָגראַפֿיעס) דורך שטריכן מיט
אינדישער טינט. א, די פּנימער אויף פֿאָטאָגראַפֿיעס.
אויסטושן — טוש אויס, ~געטושט. אוטוו
— אויסשיסן (בײַ אַ פּאַראַד). ,,די קאַנאָנען
האָבֿן אויסגעטושט אַ פּאָר מאָל“. טרוו —
1. איבֿערציִען מיט טוש, ספּעציעלער
שוואַרצער טינט, דאָס פֿריִער געצייכנטע מיט אַ
בלײַער. א, די צייכענונג, דעם פּלאַן אאַ.
2. אַרונטערשטעלן אונטער אַ שפּריץ (בײַם
וואַשן, באָדן). א, די קינדער פֿאַרן שלאָפֿן
גיין.

אויסטושען — טרוו. ־שע אויס, ~געטושעט. וורר, אוקר. סל. 1. אויסלעשן דורך פֿאַרשטיקן דאָס פֿײַער (אַרויפֿוואַרפֿן זאַכן, אַרויפֿשיטן זאַמד אע). 2. צונויפֿוואַרפֿן, צונויפֿמישן (פֿאַרשיידענע זאַכן, ענינים). „אויסגעפֿרעגט אויף איטלעכס פּיצעלע אין דעם גאַנצן שטעטל, אויסטושענדיק אַלצדינג אינאײנעם“, ממוס, ווינטשפּ. 3. דזוו אויסדעמפֿן ←. א, פֿלייש.

אויסטיאָכ(ק)ען, ~טיאָקען — טרוו. טיאָכ(ק)ע 'טיאָקע אויס; ~געטיאָכ(ק)עט, ..., געטיאָקעט. אויסקלאַפּן, צעשלאָגן מיט קורצע און גיכע קלעפּ.

אויסט אָפּקען טרוו. ־קע אויס, ~ געי טיאָפּקעט. דזוו אויסטאָפּטשען ←. „אַ וועלט שוין אויסגעטיאָפּקעט אויף וועגן כלערליי,,, הר, אין שאָטן פֿון בוים.

אויסטיגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געטיגלט. אויסגליִען, אויסשמעלצן אין אַ שמעלץ־ אָדער טיגל־אויוון (כּדי צו רייניקן אַן איידעלן

מעאויסטייטן
-

טאַל). א, גאָלד פֿיג אויך: א, דעם מענטשנס
.
האַרץ. „דו אַליין מוזסט א, דײַן איך אין זייער
שײַטער“, טוצ, אין פֿײַערוואָגן.
אויסטיולן — טרוו. טיול אויס, ~געטיולט.
באַדעקן מיט טיול; מאַכן אַ שלעפּ פֿון טיול
צו אַ פֿרויענקלייד. א אַ קלייד אי פֿון פֿאָרנט
,

אי פֿון הינטן.
אויסטיוקען — אוטוו. ־קע אויס, ~
געטיוקעט. אויסשרײַען קורץ, אָפּגעריסן (בײַם
אײַנשטילן אַ טומל).
אויסטיטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געטיטלט.
מכבד זײַן מיט אַ סך טיטולן, טיטלען. א,
דעם רבֿ מיט אַלע מורנו־ורבנוס (מורה־ורבנוס).
אויסטיטשן — טרוו. טיטש אויס, ~
געטיטשט. אויך מיט ז י ך. אַמ. אויסלערנען.
א, די בר־מצווה־דרשה.
אויסטיטשען 1 — טרוו. ־טשע אויס, ~
געטיטשעט. וורר. אויסשטעכן (מיט אַ פֿינגער,
האָרן, שאַרפֿער זאַך). „דערנאָך אַז די פֿרוי
זײַנע איז ניט אַהיימגעקומען, האָט אים דער
פֿאָטער אויסגעטיטשעט די אויגן“ [= באַוויזן

קלאָר אַז ער איז באַגאַנגען אַ פֿעלער], אאר.
← אויסטיצ(י)ען.
אויסטיטשען 11 — טרוו. ־טשע אויס, ~
געטיטשעט. אויך מיט זיך. מאַכן זייער
פֿעט. אויספֿילן, אויסשטאָפּן. א, די גענדז.
זיך א, אַ גראָבן בויך.
אויסטייגלען — טרוו. ־גל אויס, ~
געטייגלט. לאָקל (קאָוונע). אײַנטיילן טייג אין
פּאָרציעס, אין טייגלעך. א, דאָס טייג אין
מיירעס (בײַם באַקן מצות). א, אויף גלײַכע
חלקים און אויסוועלגערן.
אויסטייט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסטײַטן.
-
אַרויסהייב, אַקצענטירונג.
אויסטייטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסטייטן. אַ שרעקלעכע א, פֿון
אַזוי פֿיל מענטשן.
אויסטייטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסטײַטן. געראָטענע א, פֿון די
וויכטיקסטע פּונקטן.
אויסטייטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
גע־־
טײַטלט. 1. קלאָר אָנווײַזן (מיט אַ טײַטל,

פֿינגער) אויף פּרטים (שורות, אותיות) בײַם
לערנען עבֿרי. „דער מלמד האָט דעם ייִנגל
אויסגעטײַטלט דעם 'אשרי יושבֿי בֿיתך,‘‘.
2. אויסזונדערן, אויסטיילן עפּעס צווישן אַ
צאָל (מענטשן). א, די וויכטיקסטע מאָמענטן. א,
דעם פֿאַרבֿרעכער.
אויסטייטן — טרוו. טייט אויס, ~געטייט.
[← אויסטויטן]. אויסהרגענען אַ צאָל, אַלע
אויסמאָרדן. „די נאַציס האָבן אויסגעשאָכטן,
אויסגעטייט אַלע פֿרויען און קינדער‘‘. „הורדוס
...האָט אויסגעטייט פֿיל חכמים פֿון די ייִדן‘‘,
מ. א. גליקמאַן, ספֿר בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898.
אויסטייטן — טרוו. טײַט אויס, ~געטײַט.
--
פּפּ: ~דייטן. 1. קלאָר אָנווײַזן אויף אַ
-
פּרט, אַ פּונקט, אַ מאָמענט. א, די
אינטערעסאַנטע פּונקטן. 2. אויסווײַזן, דערווײַזן;
אויסטײַטשן, אויפֿקלערן. „...,שווער צו פֿאַרשטיין.
דאַרף מען אויסטיילן און דערנאָך א, די
באַזונדערע עלעמענטן‘‘.

אויסטײַטער

אויסטײַטער — דער, ־ס. װנ ־ין, ־קע, ־ס.
אויסטײַטשער, אויפֿקלערער פֿון פּרטים.
אַרויסהײבער פֿון אַ פּונקט.
אויסטײַטש — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויסטײַטשן. אינטערפּרעטאַציע,
דערקלערונג, קאָמענטאַר. ריכטיקער אָדער פֿאַלשער א'.
אויסטײַטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסטײַטשן. דערקלערונג,
הסבּרה, אינטערפּרעטאַציע, אידעאַליסטישע,
מאַטעראַליסטישע א, פֿון געשיכטע. „זיי זײַנען
י
אַלע פֿאַרפֿירט געוואָרן דורך אַ פֿאַלשער א'“,
װײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. „[איר] גריווע, מיט
די צעפּ די גאָלד־געדיכטע, איז די סאַמע
סוביעקטיווע א, פֿון דער געשיכטע“, אַל, 'דער
דועל'.
אויסטײַטשן — טרוו. טײַטש אויס, ~
גע־־
טײַטשט. 1. געבן דעם באַטײַט, זינען.
דערקלערן, מסביר זײַן, אינטערפּרעטירן. א,
ריכטיק פֿאַלש. א, די האַרבע סוגיא, דעם דין אין
,
חושן־משפּט, דעם רמבּם, דאָס געזעץ, דעם
באַגריף אימאַנענט בײַ קאַנטן אאַזוו. „די

לומדים מיט די שאַרפֿע קעפּלעך האָבן
אויפֿגעטאָן אַ סך. סבֿרות, אויסגעטײַטשט אים גאָר
אויף אַן אַנדער אופֿן“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
*א, מיטן גראָבן פֿינגער = געבן אַ פֿאַרדרייטע
(און ניט לאָגישע) אויסטײַטשונג. 2. טרעפֿן,
באַשיידן, אויסלייגן (אַ חלום, אַ נײַס,
אומקלאָרע רייד אָדער שריפֿט, רעטעניש). „אַלץ וואָס
[גאָט] טוט באַדאַרף מען א, צום גוטן“, אַש,
תּהילים־ייִד. 3. צוגעבן, בפֿירוש זאָגן. „עס
איז איבעריק אויסצוטײַטשן אַז אַריה האָט
קיינמאָל ניט געליִען קיין גמילות־חסד“, משה
טײַטש, איבז 'אַריה בעל־גוף'. „מורי החסיד
הרשב“ץ האָט ניט ליב געהאַט אויסצוטײַטשן
אַ נמשל“, לדב. 4. אויפֿנעמען אויף אַ נײַעם
אופֿן. „איך האָב מײַן גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט
וואָס האָט מיך געבונדן מיט דינהן
אויסגעטײַטשט אַז זי איז פֿאַר מיר געשטאָרבן“, ספּ,
□ודו□נ.
אויסטייטשעניש — דאָס (די), ־ן.
געדריי־־
דלטע (אויך אומקלאָרע) אויסטײַטשונג.
אָנשטאָט אַזאַ א, לאָמיר בעסער אָננעמען דעם
פּשט.
אויסטײַטשער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

-

ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסטײַטשן. אינטערפּרעטאַטאָר. חלומות־א'. א, פֿון תנך, פֿון משנה אאַזוו. א, פֿון קונסט, מוזיק, פּאָעזיע אע.
"ש. ניגער האָט באַלד גענומען זיך ציילן צווישן די שעפֿערס פֿון זײַן דור, הגם ער איז געקומען ווי אַן א"", יג, איק, 1956. אין אַן אַנאָנס וועגן אַ חזן. טמז: „דער גאָט־געבענטשטער א, פֿון אונדזערע תּפֿילות".

אויסטײַטשעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ (ענלעך צו) אַן אויסטײַטשער. א'ע רייד.

אויסטייטשערישקייט — די (דאָס), ־ן.

--

אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסטײַטשעריש.

אויסטייל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטיילן. טייל, אָפּגעזונדערט פֿון אַ גאַנצקייט. „מיר פֿאָדערן פֿון דער מדינה דעם פּראָפּאָרציאָנעלן א, פֿון בודזשעט", י״ו, נײַס, 1922. א'־אבֿרים, א'־אַפּאַראַט, א'־אָרגאַן, א,־ פּראָדוקטן, יאַב.

אויסטיילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטיילן. (ניט־)געראָטענע, (אומ)יושרדיקע א'. 2. באַזונדערקייט,

ספּעציפֿישקייט, אייגנאַרטיקייט.

אויסטיילן — טרוו. טייל אויס, ~געטיילט.

1. טיילן ביזן סוף, ביז ס'פֿאַרענדיקט זיך וואָס מע טיילט. א, דאָס גאַנצע געלט; א, נדבֿות ביזן לעצטן גראָשן; א, די חלה אויף המוציאס; א, די זופּ פֿון קעסל. „זעצן זיך די אַלטע אַוועק בײַם טיש און טיילן אויס די קינדער פּורים־געלט„, אר. 2. געבן יעדערן (אַ צאָ) אַ פּאָרציע, אַ חלק. א, צדקה; א, כּבֿוד. א, די ראַציע ברויט אאַזוו; א, דעם לולבֿ אין שול. „און, דיא ג, גבאים זולין...דיא יונגן...אויס טיילן ושבתות גדולים וקטנים און, מיגן קנסן ווער בחורים ניט וויל הלטן כּרצונם“, תּקק. „גאָט ווערט געבן...דאָז איר דאָז געלט מויכט זעלבירט אויז טיילין אַן ווען איר וואָלט“, גה, 38. „אַז ס'איז געקומען צו די כּיבודים א, איז געוואָרן אַ שטיקל סיכסוך“, שע. „הײַנט אויף דער נאַכט איז אַן אַסיפֿה, מע וועט א, ערד, קומט און נעמט ערד אומזיסט“, ראַבאָי, אייגענע ערד. „די אולאַנער טיילן אונדז אויס צרות“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. א, פּעטש. א, יעדערן זײַן פּסק. „נעמט דאָס רעכט פֿאַר זיך אויסצוטיילן טויט, כאָטש ער באַגלייט עס מיט...תּפֿילה„, א. ניסענזאָן,

אין צדיקס טריט. א, גערעכטיקייט = יושרדיק משפּטן.
3. אַרויסהייבּן, אויסזונדערן, אָפּזונדערן. א, עמעצן פֿון אַ גרופּע. א, דאָס בּעסטע (ערגסטע). „די פֿיר ווינטן זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן...אין אַ ווינקל פֿון דעם הימל“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. א, איינעם ווי דעם געווינער פֿון אַ פּריז. א, פּריזן. א, עמעצן צו בּאַשטראָפֿן פֿאַר אַ גרופּע. 4. אויסשיידן, אויסאַרבּעטן און אַרויסגעבּן (פּראָדוקט). „די דריזן טיילן עפּעס אויס פֿון זיך„, ימ, איבּז וינגל און מיידל, 1929.
אויסטיילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַרויסהייבּן, זיך אויסצייכענען; זײַן אַנדערש ווי די איבּעדיקע פֿון אַ גרופּע. זיך א, מיט צדקות, פֿלינקייט, גוטסקייט אאַזוו. מיט וואוקס, כּוח אאַזוו.
אויסטיילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען, וואָס לאָזט זיך אויסטיילן (בּבּ 1 און 2).
שיטיקע און פֿליסיקע שטאָפֿן זײַנען א'. “בּאַשאַפֿן... א'ע בּאַזונדערע זאַכן וואָס זאָלן קענען לעבּן פֿאַר זיך אַליין“, יג, תּוך II, 153.
אויסטיילעכץ — דאָס, ־ן. אויסטיילונג
א או ייִל , חלוקה. זיך צעקריגט איבּערן א'.

יס ניש — דאָס (די), ־ן.)
געדויעראיר

דיקע) אויסטיילונג. או ⃞ סטיילעכץ.
אויסטיילער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסטיילן (אַלע
בּבֿ). גוטער, גערעכטער, פֿאַלשער אאַזוו א'.
2. איר. קאַרגער; ווער עס טיילט אויס גראָשנס
און ציטערט דערבײַ.
אויסטיילעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ
(ענלעך צו) אַן אויסטיילער. א'ע נטיות,
פֿירעכצן אאַ. בּרייטהאַרציק, גרויסמוטיק.
אויסטיילערישקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
בּרייטהאָרציקייט, גרויסמוטיקייט, פֿרײַגעבּיקייט.
אויסטײַען —, טרוו. טײַע אויס, ~געטײַעט.

אויסטליקען

אוקר (פֿאָדאָליע). סל. 1. מאַכן עס זאָל צעגיין
פֿון וואַרעמקייט, צעשמעלצן. א, אַ שטיקל אײַז,
וואַקס אאַ. אויך: א, די פֿאַרפֿרוירענע בּיינער.
2. אויסבּאַהאַלטן. א, קאָנטראַבּאַנד(ע).
אויסטײַפּן — טרוו. טײַפּ אויס, ~געטײַפּט.
אַמ. אויסשרײַבּן, אויסקלאַפּן אויף אַ

שרײַבמאַשין.

אויסטײַשן — טרוו. טײַש אויס, ~געטײַשט. Mhd: tiushen. אויסנאַרן. פֿאַרפֿירן. אַרויסקריגן אַ גוטע זאַך בײַם אָפּגעבן אַ שלעכטע.

אויסטיליקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטיליקן. „גענאָסיד איז אַן אָרגאַניזירטע א, פֿון אַ פֿאָלק אָדער פֿאָלקסגרופּע„.

אויסטיליקן — טרוו. ־יק אויס, ~געטיליקט. Mhd tiligen. אויסראָטן, אומברענגען פֿאַר, לענדן. אָפּווישן פֿון דער ערד; „דער שׂונא האָט געוואָלט אונדז א"". „ער טראַכט אָן חנצען און גיט זיך דאָס וואָרט א, מיט דער צײַט די דערנער, שטאַכלקעס וואָס אַרום דער דאָזיקער רויז", ממוס ווינטשפֿ. „הורדוס האָט... אויסגעטיליקט די...חשמונאָים„, אמד, קורות ירושלים, ווילנע 1862.

אויסטינוסן — [...טי'נעפֿן] טרוו. טינוף אויס, ~געטינופֿט. אויסשמוצן, אויסברודיקן, פֿאַרפּאַסקודען, גראָב.

אויסטינטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געטינטלט. אויסשרײַבן, אָנשרײַבן אומוויכטיקס,

אומגעראָטנס, שלעכטס. „עס טינטלט שורות אויס דער טינטלער“, ע. קאָרמאַן.

אויסטינקע(ווע)ן — טרוו. טינק(עווע) אויס, ~געטינק(עווע)ט. (פֿאַרענדיקן) באַדעקן מיט טינק, וואַפּנע. א, די ווענט, די שטוב, דאָס הויז.

אויסטיעשען — טרוו. ־שע אויס, ~ געטיעשעט. וורר פֿאַרווײַלן פֿאַרשפּילן אַ צאָל.

א, די פֿאַרוויינטע קינדערלעך, זיי זאָלן פֿאַרגעסן דעם הונגער. מיט ז י ך = זיך טרייסטן. א, זיך מיטן ביטערן טראָפּן.

-

אויסטיסונג — די, ־ען. טיפֿע, שמאָלע גרוב. טיפֿער שפּאַלט אין באָדן.

אויסטיסן — טרוו. טיף אויס, ~געטיפֿט. מאַכן טיף (טיפֿער) אַ גרוב, אַ שפּאַלט אין באָדן. א, אַ ברונעם צו קריגן מער וואַסער.

אויסטיצ(י)ען, ~טיקען — טרוו. ־צ(י)ע, ־קע אויס, ~געטיצ(י)עט, ~געטיקעט. סל. מיט [צ] וורר. מיט [ק] אוקר. 1. אויסשטופּן פֿאָרויס, אַרויסרוקן, אַרויסשטעקן. א אַ פֿינ,

גער. 2. אַרויפֿדרינגען. א, די אויגן = זאָגן
איר אין די אויגן, אויסשטעכן די אויגן.
אויסטיקען — טרוו. ־קע אויס, ~געטיקעט.
1. דזוו אויסטוקען ←. 2. אויסדריקן עפּעס
דורך טיק־טיק. „דער זייגער טיקעט אויס די
רגעס פּײַן“, טאַבאַטשניק, צוק, 1960, II.
אויסטלומאַטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געטלומאַטשעט. פּד. דזוו אויסטאָלמאַטשען ←.
או — טלי(ע) אויס, ~געטליעט. אויו:
(וורר.) אוטוו — אויפֿהערן
טליען. קוים־קוים ברענען אָן אַ פֿלאַם. „די
קוילן טליען שוין אויס, נעם אַרויס דאָס
אַש„. טרוו — מאַכן עס זאָל טליען. „
צעאוי יל ע ש, וועסטו אויסטליען די יקעט.
בל ז ד ס וילן“.
— טרוו. ־קע אויס, ~געט
פּר. 1. אויסקלאַפּן מיט דער פֿלאַך פֿון

אויסטעאָריזירן

האַנט, אויספּאַטשן (ניט אין פּנים). א, דעם
הינטן. 2. אַוועקשטופּן, אַוועקשטויסן. מיט
זיך = 1. זיך אַרומשטויסן, זיך שלאָגן.

2. וואול. האָבן סעקסועלן פֿאַרקער מיט אַ
צאָל (נאָר וועגן אַ פֿרוי).
אויסטעאָריזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)־
טעאָריזירט. צוקלערן טעאָריע(ס). אויפֿשטעלן,
באַרעכטיקן אויך וואַקלדיקע טעאָריע. „ער האָט
אויסגעטעאָריזירט כּדי צו לייזן אויף אַ
ליקווידאַטאָרישן אופֿן דאָס ייִדישע פּראָבלעם„, יג.
אויסטעותן — [...טאָ'עסן] טרוו. טעות אויס,
~געטעותט. מאַכן אַ סך טעותים (בײַם
אויסרעכענען). א, אַן אויפֿגאַבע און באַקומען אַ
צוויי [אין לשון פֿון גימנאַזיסטן אין ליטע].
אויסטעטיקן — טרוו. ־טיק אויס, ~
געטעטיקט. עפּעס אויפֿטאָן מיט (
געזעלשאַפֿטלעכער) טעטיקייט, געניצט איר. „ער האָט אַ
מויל
אויף שרויפֿן, אָבער וואָס ער וועט דאָ א, —
קען אַ פֿייגעלע אַוועקטראָגן אויפֿן עק„, רייד.
אויסטעכערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געטעכערט. אוקר. (פּאָדאָליע). 1. אײַנשטעלן,
אויפֿשטעלן; אויספּלאַנירן. „אַלדונג האטיר
[= האָט ער] אזו אויס גיטעחרט וויא עס
שטייט אַן נאָך זיין צײַט נאָך„, מס, קהלת
תּקע״ט, ג, 11 [בײַם איבֿז 'את הכּל עשׂה יפֿה
בעתּו,]. ״דאָס פֿאָרן אין קאָרדאָן אַרײַן האָט

ער מיט גרויס שׂכל אויסגעטעכערט, האָט
פּריִער שפּיגערס אַרומגעשיקט...", גדולת ר,
וואָלף,, [יפּ]. 2. אויסטיילן אויף חלקים;
צעשנײַדן אויף שטיקער; שלעכט צעשנײַדן.
,,מיידלעך מיט געפּאַרבטע שמייכלען טעכערן
דיר אויס דאָס ביסל...געקעכטס", הר.
אויסטעלעבענדען, ־בענדזיען, ־
בענצען — טרוו. ־דע, (־דזיע, ־צע) אויס;
~(גע)טעלעבענדעט (־דזיעט, ־בענצעט).
אויסקלאַפּן מיט אַ פּויסט. אויסטרייסלען. א, די
זײַטן, דעם בויך. אָננעמען פּאַר די קליאַפּעס
און אַזוי א', ער זאָל קלײַבן די ציין. מיט
ז י ך — קזוו.
אויסטעלעמעטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~(גע)טעלעמעטשעט. 1. אויסקלאַפּן,
אויסהאַקן מיט גרויסן כוח. א, עמעצן ער זאָל
פּאַלן פון די פּיס. 2. אַרויסרעדן,
אַרויסזאָגן מיט שווערקייט. ,,ער האָט קוים
אויסגעטעלעמעטשעט [וואָס] ער דאַ▯ף", קמ, 1865, 5.
אויסטעלעפּען — דזוו אויסטאַלעפּען ←.
אויך: אויסגיין, דורכגיין מיט שווערע טריט,
שלעפּנדיק די פּיס, קלאַפּנדיק. א, הין און
צוריק דעם וועג פון... ביז...
אויסטעלערן — טרוו. טעלער אויס, ~

געטעלערט. צעגיסן אין טעלער(ס). „מיר וועלן
די זופּ נאָר א', אָבער ניט דערלאַנגען; זאָל
יעדער גאַסט אַליין זיך נעמען אַ טעלער זופּ“.
אויסטעמבירן — טרוו. ־ביר אויס, ~
געטעמבירט. אויסנייען, אויסהאַפּטן אויף אַ טאַמבור
(קײַלעכדיק געשטעל). „אַ לאַנגער שלייער וואָס
...[מע האָט] קינסטלעך אויסגעטעמבירט“, אמד,
מלכּה און הדסה, ווילנע 1869.
אויסטעמען — [...טאַ'אַמען] טרוו. טעם אויס,
~געטעמט. פֿאַרזוכן, באַשטימען,
אויסגעפֿינען דעם טעם. א, ווײַן און באַשטימען זײַן
קוואַליטעט. “אַ קעכין ווערט זאַט פֿון א, די
נעקעכטסן“.

אויסטעמפּן — טרוו. טעמפּ אויס, ~געטעמפּט.
1. מאַכן אומפֿעאיק צו קענען גרינג פֿלינק
,
אויפֿנעמען. א, די תּלמידים. 2. מאַכן
שטומפּיק, אויסשטומפּיקן ←. וועסט נאָך א, דאָס
מעסער. מיט ז י ך — ווערן טעמפּ. „וועלן
די פּוץ־געצײַג זיך שנעל א'“, בער.
אויסטענדלען — טרוו. ־דל אויס, ~

געטענדלט. אויספֿאַרקויפֿן אַלטע זאַכן. א, דעם גאַנצן ראַמש, פּאַק, קעלער.

אויסטענדלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

האַנדלען מיט אַלטע זאַכן און אויפֿהערן. ניט קענען מער האַנדלען מיט אַלטוואַרג. „דער אַלטער האַנדעלע, האָט זיך שוין אויסגעטענדלט,,.

אויסטענהן — [...טײַ'נען] טרוו. טענה אויס, ~געטענהט. עפּעט אויפֿטאָן, דערגרייכן דורך רייד, טענות, מאָנונגען. קיין זאַך ניט אויסטענהן פֿאַר זיך.

אויסטענהן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. מיט

אַ סך רייד אַרויסבּרענגען אייגענעם שטאַנד פּונקט, אַרויסהייבּן מאָטיוון וואָס בּאַרעכטיקן (אייגענע, אַ פֿרײַנדס) מעשׂים, רייד. א, זיך פֿאַרן בּית־דין פֿאַרן רבֿ פֿאַר דער רביצין

—
, ,

(איר) פֿאַר מענ ושן אאַ. א, זיך מיט עמעצן

,

— בּרענגען מאָטיוון לטובֿת זיך קעגן אַ

צווייטנס אינטערעסן אָדער מיינונגען. * .י טענה זיך אויס מיט קהל (קעקעלע קהל) = שווער פֿאַר אַ יחיד אַרויסצוטרעטן קעגן אַ רבּים. ס'פּאַסט מיר ניט גיין זיך א, מיט אײַו.

,,איידער מע כאַפּט זיך קריגן דאַרף מען זיך
פֿריִער גוט א',,, שוו.
2. האָבן, פֿירן אַ וויכּוח, אַרגומענטירן,
פּרוּוון איבערצײַגן אַ צווייטן אין אַ מיינונג,
ענין, שטאַנדפּונקט, אייגענער גערעכטיקייט.
,,ישׂראליק טענהט זיך אויס מיט דער
קליאַטשע", ממוס, קליאַטשע [נאָמען פֿון קאַפּיטל
מיטן וויכּוח]. ,,זאָל קומען אַ מלאך און זיך
א, מיטן גלח", שוו.
3. מאָנען גערעכטיקייט; אײַנשטעלן זיך
פֿאַר עמעצן פֿאַר עפּעס. ר, לוי־יצחק
באַרדי—   ,
טשעווער פֿלעגט זיך א, מיטן רבונו־של־עולם.
זיך א, מיטן אָדון, פּריץ, שׂררה אע. ,,און
צו קילן מיר דאָס האַרץ נעם איך מיך א,
מיט זיי אין די געדאַנקען", ממוס, ספֿר
 בּ מו נ.
4. בעטן (דורך תּפֿילות, תּחינות, אַ סך רייד).
אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן. אויסדערציילן
אייגענע צרות פֿאַר ליכטבענטשן א, זיך מיט
.
זײַן ליבן נאָמען. ,,און זי טענהט זיך אויס
מיטן פּסוק 'שובֿנו אלהי ישענו'", ממום,
'בישיבֿה של מטה'. ,,זי האַלט אין איין

מורמלען, עפּעס ווי זי טענהט זיך מיט עמעצן אויס", ממום, שלמה.

5. באַרואיקן, אײַנשטילן מיט רייד. „נעכײַ וואָלט זי כאָטש גערעדט, געוויינט, וואָלט נאָך אַזוי שווער נישט געווען זיך א, מיט איר", ממוס, פּריזיוו. 6. סתּם זיך דורכרעדן, זיך אויסשמועסן. „אַז השם יתבּרך וועט אונדז בּרענגען צו די בּני־משה, זאָלן מיר קענען עפֿענען אַ מויל און מיט זיי זיך א", ממוס, מסעות. 7. איר וועגן קריגן זיך, שילטן זיך. „הער נאָר ווי די ייִדענעס טענהן זיך אויס!"

אויסטענהניש — [...טײַ'נעניש] דאָס (די), ־ן.

אויסטער

פּראָצעס פֿון אויסטענהן זיך, אָפֿט מיט איר בּײַטעם.

אויסטענה'ער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. דער וואָס מאָנט, טענהט זיך אויס; פֿאַרטיידיקט (געווינטלעך פֿאַר אַנדערע). „איז נתעלה געוואָרן צו זײַן דעם פֿאָלקס גרויסער דבּרן און א', זײַן אויסבעטער און זײַן טרייסטער", א. שטיינמאַן, יודן אין אוקראַאינע.

אויסטענטלען — טרוו. ־טל אויס, ~

געטענטלט. אויסשרײַבן אויף גיך, מיט אומקלאָרע אותיות, פֿאַרשמירט. אויספּאַטשקען בײַם שרײַבן. אָנמאַכן מיט אַ פּען (בלײַער) שטריכעלעך און קײַקעלעך. א, אַ גאַנץ בלעטל פּאַפּיר.

אויסטענצלען — טרוו. ־צל אויס, ~ געטענצלט. 1. אויסטאַנצן מיט קליינע, דראָבנע טריט; אויסטאַנצן אויף אַ מאָדנעם, קאָמישן אופֿן. „זע נאָר ווי זי טענצלט אויס די מאַזורקע״. „טאַנצן קען איך ניט, אָבער איך וועל ווי ניט איז א, דעם שער״, רייד. 2. טאָן עפּעס מיט פֿרייד, אַזוי ווי טאַנצנדיק. א, דאָס דערלאַנגען צום טיש די מאכלים.

אויסטעסטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־ טעסטירט. דורכפֿירן טעסטן, עקזאַמענס, אויספּר￼וואונגען בײַ אַ צאָל. א, אַלע סטודעגטן.

אויסטעסען — טרוו. ־סע אויס, ~געטעסעט. אויסהאַקן מיט שאַרפֿן אינסטרומענט אַ חלל, אַ פֿאַרטיפֿונג אין האָלץ אָדער שטיין. אויסהאַקן פֿיגור פֿון האָלץ אָדער שטיין. א, פֿיסלעך פֿון אַ טיש, אַ שטעקן פֿון אַ גראָבן פֿלאָקן; א אַ מעכטיקע געשטאַלט פֿון אַ

,

מאַן אאַזוו.

אויסטעפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~געטעפּעט. פּר. אַרויסציִען, אַרויסשלעפּן פֿעדעם פֿון געוואַנט, געוועב. „צו מאַכן אַ מערעזשקע דאַרף מען א, צוויי אָדער דרײַ פֿעדעם“. „האָט איר פֿון ירושה־פּרוכת אויסגעטעפּעט אַלע גאָלדענע פֿעדעם וואָס זיי האָבן אַרײַנגעוועבט“, פּרץ.

אויסטעפּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן אָפּגעשוואַכט, צעקראָכן. זײַן אין מצבֿ פֿון גײַסטיקן אָדער פֿיזישן צעפֿאַל. „ער איז קראַנק געוואָרן און גענומען ביסלעכווײַז זיך א,“.

אויסטעקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געטעקלט. אויספּוצן, אויסצאַצקען. זייער שיין אָנטאָן (וועגן קליינע קינדער) אַזוי ווי ליאַלקעס. „זי פֿירט אירע דרײַ טעכטערלעך זייער ריין און שיין, די מיידעלעך אירע טעקלט זי אויס,„ רייד.

אויסטער — די, ־ס (־ן). < ענ < ל.

מאָלוסק, מושל, וואָס
מע קען עסן (טריף
לויטן יידישן דין);
דאָס ג ל י ט ש י ־
ק ע קערפּערל איז
צווישן צוויי ש אָ ־

ל ע כ ל ע ך , וואָס
איינס איז צוגעפּעסטיקט (צו אַ פֿעלדז, צו אַן
אַנדער מאָלוסק, צום גרונט). לעבט אין
ניטטיפֿן וואַסער פֿון ימען און אויסגוסן פֿון
טײַכן. פֿאַרשפּרייט אין פֿאַרשיידענע קלימאַטן.
ריקע — a n] י .o tr. א'־מ
מעאין אייראָפּע — Ostrea e(lulis, אין
של.
א'־מעסער. א'־פֿאַנג. א'־פֿישער.

אויסטעראָריזירן

אויסטעראָריזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~
טעראָריזירט. עפּעס קריגן דורך אָנוואַרפֿן אימה,
דורך מיטלען פֿון טעראָר. א, אַ 'ווידוי', פֿון אַן
אומשולדיקן.
אוי'סטערבעט — די & דאָס, ־ן. 1. אָרט
וואו אויסטערס וואַקסן, נאַטירלעכע קאָלאָניע
פֿון אויסטערס אָדער וואו מע האָדעוועט זיי.
2. (געאָלאָגיע) שיכט וואו מע געפֿינט
פֿאַרשטיינערטע אויסטערס.
אויסטערט — אַדי. אַרכ. דרויסנדיק. מ t
פֿאַרטײַטשט 'והמן בא לחצר המלך החיצונה, (
אסתּר, ו, 4) — די אוישטרטי. [תּי: „

אויסנוויייניקסטן,,].
אויסטערכע(נע)ן — כורוו. ־כע אויס, ~
געטערכעט. 1. אויסשמירן, אויסעאַטשקען.
אויסטענטלען. א, דאָס גאַנצע פּאַפּיר. א, די
ווענט. 2. אויסאַרבעטן, פֿאַרענדיקן אַרבעט
אויף שלעכטן, פּאַרטאַטשנעם אופֿן. א, אַ
שטיקל אַרבעט, אַ מלבוש.
אויסטערליץ — גנ. שטעטל אין מערן (
טשעכאָסלאָוואַקײַ), ניט ווײַט פֿון אָלמיץ. ,,זייא
ווישין דז איך בילה ניט האב גיפֿונן צו
אוישטערליץ“, פּראָגב, 46. [לעבן א, באַרימטע
שלאַכט צווישן נאַפּאָלעאָן I און דער
קאָאַליציע פֿון עסטרײַך און רוסלאַנד, אין 1805].
אויסטערליש — אַדי. פּד, ליטרש. >
אויסערליש [מיִ].erlich□□ו:Mhd־ .1 פֿרעמד
פֿאַרן אויג, טשיקאַווע, מאָדנע. א'ער הילוך,
א'ע בגדים. ,,אַלע הייבן דראָענדיק די הענט,
און יעדער טראָגט אַ פֿלאַקערדיקן פֿאַקל —
אַן א'־גראָטעסקער ספּעקטאַקל!“, אַל, 'די
פּראָצעסיע'. 2. וואָס מאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן
אײַנדרוק. ,,די ווײַסע לײַלעכער האָבן אַן א'ע
ריינקייט אַרום איר געשאַפֿן,,, אַש, תּהילים־ייִד.
,,האָט אויסגעפֿיבערט אַזאַ מין א'ע שעה“, הל,
לידער פֿון גן־עדן. 3. געפֿערלעך, מסוכּנדיק. פּד.

„דאָקטער, איז עס [מײַן קראַנקייט] נישט א,?“,
[מוו, ייִפּיל, 49]. 4. מערקווערדיק, אימפּאָזאַנט,
פֿענאָמענאַל. „שיינע מתּנות, א, שיינע, נאָר
נישט לתּשמיש, אָבֿער לנוי — א',„ פּרץ,
'דרײַ מתּנות'. 5. זונדערלעך, משונהדיק,
אומפֿאַרשטענדלעך. א'ע מנהגים, פֿירונגען.
„דער פּריץ מיט די אומבאַגרײַפֿלעכע, א'ע און
משונהדיקע קאַפּריזן...,„ יק. „די אַלטע האָט
גער▯דט מיט אַ שטיל, א, קול, ווי אַ מת“,
אָפּא, 'ציגײַנער'. 6. אומגעהערט, וואָס האָט
זיך נאָך ניט געטראָפֿן. א, געשעעניש. „אין
דער גאַנצער געגנט האָט מען נאָר גערעדט
וועגן דעם א'ן געשעפֿט פֿון די צוויי סוחרים.
אַזעלכעס האָט מען נאָך קיינמאָל ניט
געהערט“, י. מאַרגאַשעס, ערינערונגען פֿון מײַן
לעבֿן. 7. וואָס איז יוצא־מן־הכּלל, איבער
יעדער נאָרמע. „פּונקט אַזוי ווי [די מצה] איז
געווען א▯.כּשר, אַזוי איז זי געווען שלעכט
געבֿאַקן פֿאַר אַ צולאָג“, בּאַש, בּית־דין־שטובֿ.

אויסטערלישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסטערליש. וואונדער, חידוש,
מערקווערדיקייט.

אויסטערמינעווען — טרוו. ־נעווע אויס,
~(גע)טערמינעוועט. 1. (סו חריש)

אויסשטעלן דאַטעס אויף טראַטעס, וועקסלען אָן
דאַטעס, בײַם אָפּגעבן זיי אין אַ באַנק צום
דיסקאָנטירן. 2. אויסדינען דעם טערמין, די

250

אָפּגערעדטע צײַט פֿון לערנען זיך, פֿון אַ
לערלינג בײַ אַ בעל־מלאָכה. א, דרײַ יאָר. א,
דעם גאַנצן טערמין.
אויסט(ע)רעלייקען — טרוו. ט(ע)רעלייקע
□ויס, ~געּ□. אויסזינגען עפּעס אויף אַ
צעע)רעלייקעט. אויך: ~ט(ע)
רעיִיקען

-

— .
צויגענעם אופֿן אָדער מיט אַ ציטערדיקער
שטים. א אַ ניגונדל. 2. אויסדריקן עפּעס

,

דורכן זינגען צעצויגענערהייט. א, פֿרייד,
צופֿרידנקייט.
אויסט(ע)רעלייקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
טערעלייקען און אויפֿהערן. „דו ציסט דעם

זעלביקן ניגון אַ גאַנצע שעה, גענוג,
טערעלייקע זיך שוין אויס,,.
אויסטערעפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געטערעפּעט. וורר, אוקר. סל. 1. דזוו
אויסטעפּען ←. 2. צערײַסן, צעפּליקן, א, אַן אַרבל,
די הויזן.
אויסטערפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געטערפּעט. רוסיצ. דורכלײַדן, אַריבערטראָגן צרות.
א, באַליידיקונגען, קרענקונגען.

אויסטער־סאַנגער — דער, ־ס. פֿויגל פֿון
דער מעווע־משפּחה וואָס
לעבט בײַ ים־ברעגן און
שפּײַזט זיך מיט ים־
באַשעפֿענישן. ־aemato]I[

אויסטערקלען — טרוו. ־קל אויס, ~
Pus ostralegus;]I Pal1iatus.גע

טערקלט. דזוו אויסטאָרקלען ←.
אויסטראָג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסטראָגן. ,,איך טראָג אויס די צײַטונגען זייער
גיך, מײַן א, געדויערט נאָר 2 שעה“. 2.

אַרויסטראָג, פסק־דין. אַן אומגעריכטער א, פֿון געריכט. 3. (א״י, אין אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ) — אַרויסגעגעבענער קוואַנטום אַרבעט. „מע האָט איבער די פּועלים געשטעלט משגיחים אַכטונג צו געבן אויף דעם א, פֿון זייער אַרבעט“, קאָס.

אויסטראָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטראָגן.

אויסטראָגן — טרוו. טראָג אויס, ~געטראָגן. 1. אויסשוואַנגערן, טראָגן ביזן ריכטיקן טערמין. א, אַ קינד די גאַנצע נײַן חדשים. „ניט גרינג איז צו טראָגן, נאָך שווערער איז אויסצוטראָגן„, שוו. „ווען קיין ספֿק איז אַז עס איז גיבאָרן גיוואָרדן אַן שבת אונ, דאָ עס איז אויש גיטראָגן וואַרן אונ, דאָש עס האָט האַר אונ נעגל“, לט1, 1/80. „די אשה זאָל ניט מפּיל זײַן, זאָל מען מאַכן אַ נײַע מפּה צו אַ ספֿר־תּורה און מיט דער אַלטער מפּה זאָל די אשה גיין אַרומגעגאַרטלט דעם בויך, ביז זי וועט א, בשלום“, טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, לאָדז 1910 (?). אויך פֿיג: א אַ ליד, ,

אַ קונסטווערק, אַ געדאַנק.

2. אָפּטראָגן, פֿאַרניצן. טראָגן בּיזן ניט
ראוי זײַן װײַטער געטראָגן צו װערן. א, שיך,
אַ פּאָר הויזן, די שבּתדיקע קאַפּאַטע.
3. אַרויסטראָגן. פּד. א אַלץ װאָס איז געװען
,
אין שטובּ. 4. פֿונאַנדערטראָגן, פֿאַרשפּרייטן.
א, צײַטונגען, מילך, סחורה. א, שלח־מנות.
אויך: א, ידיעות, רכילות, פּליאָטקעס.
5. אַרײַנבּרענגען, געבּן (שטיצן מיט) פּרנסה.
,,דש דוזיג זול מיר עצװש אויש טראָגן...און,

אויסטראָגעניש

װיל זעהן דש איך אזו ויל ור דין״ [= אַזוי
פֿיל פֿאַרדין], בּבֿא־בּוך, 394. ״זיא גערין אַך
אין דען מעמוד זיין װאָלין אבּיר דאָז רבּנות
זולכיש ניט קענין אויז טראגין״, גה, 314.
,,...זאָלשטו פֿר צערין װיניגיר אַז דיין פּרנסה
טוט אויש טראָגן,,, עיון, 1/53. 6. דערלויבּן
זיך, בּאַהויפּטן. ,,היבּט ראובֿן אָן צו רעדן צו
שמעון: װען איר יוא איינש גיקופֿט — קופֿט
מיין בּית אויך. שמעון האָט משיבֿ געװעזן
מײַן האָבּ טראָגט עש ניט אויס,,, שו״ת פּני
יהושע, 1715. ,,מיר װאָלט מײַן גאַנצע קראָם

ניט אויסגעטראָגן, איך זאָל קויפֿן יעדעס מאָל אַ [באַן־]בילעט,,, אַר. 7. אויסהאַלטן, דערנערן. א, די גאַנצע משפּחה אויף די אייגענע פּלייצעס. א, אַ שטוב מיט פּיקערס. א, אַ גאַנצע וועלט.

8. אַריבערטראָגן, אויסשטיין, סובֿל זײַן. א, צרות, אָנשיקענישן, קרענק אאַזוו. א, פֿינף יאָר קאַטאָרגע. א, נאַרישע טענות. ,,אונדזער שפּראַך...אַ שפּראַך פֿון שאלות פּסקענען פֿון

—

היימישקייט און מאַרק פֿון אויסדויער און א,

אַ גלות אויפֿן קאַרק“, סעג, איצטער.

9. טראָגן כסדר במשך פֿון אַ לענגערער צײַט. א, טעפּעלעך מיט כשרע שפּײַזן (צו) די אַרעסטאַנטן. פֿיג: ,,יעדער טרעגער פֿון סאָצ אַלן פּראָגרעס...מוז אים א, אויף זײַן אייי
גענעם שטייגער“, שנ, דערציילערס און ראָמאַנסטן.

1O. פֿירברענגען (פֿאַרן רבֿ, דיין, ריכטער) צו קריגן פּסק־דין, מיינו ׳ג. פּד. ,,האָבן די גרעסטע ייִדישע גבֿירים אין וואַרשע בײַ אים אויסגעטראָגן זייערע דין־תּורות און סכסוכים,,,

ייִט. „דער שולדאַן [= סולטאַן] ניט מין אַן
אים גידוכט, דש הט זי אים אויך אויז גיטראגן
[= דאָס האָט זי בײַ אים אַרויסבאַקומען אַ
באַשלוס] דש ער זיינר גרושר מאנהט שונט...“,
ב א־בוך, 253.

11. ברענגען, דערפֿירן צו עפּעס; מחייבֿ
זײַן. דאָס גדלות טראָגט אים אַזוי אויס =
זאָגט אים אונטער אַזוי צו טאָן. אַזוי טראָגט
אויס דער חשבון = קומט אויס על־פּי דעם
חשבון. דער שׂכל (דאָס יהדות, דאָס געוויסן)
טראָגט אויס. *דער שׂכל (קאָפּ) טראָגט ניט
אויס = ס'איז ניט צו פֿאַרשטיין. 12.
דריטפּערזאָניק. באַשערט זײַן, אויספֿאַלן. דער גורל
טראָגט אַזוי אויס. „...ווי די טאָכטערס שיקזאַל
וועט א'“, אַל"ק, גליקלעכע פֿאַמיליע, וואַרשע
1881. „מען איז מחויבֿ נאָר געבן אַ ווײַב אַ
ייִדן, און דערנאָך ווי דאָס גליק טראָגט אויס“,
יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

אויסטראָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אָפּטראָגן זיך, אָפּניצן זיך פֿון לאַנגן טראָגן. דער
מלבוש האָט זיך שוין אויסגעטראָגן. 2.
צוגעפּאַסט ווערן צום גוף, טייל פֿון גוף (ווען
שיך, היטל, סוועדער אע). „ווען איך האָב
געקויפֿט די שיך, האָבן זיי געדריקט; אָבער זיי

האָבן זיך אויסגעטראָגן און איצט זײַנען זיי גוט“, ריוד.

אויסטראָגעכץ — דאָס, ־ן. אויסטראָגונג, אויסטראָגעניש. (איר וועגן רכילות, פּליאָטקעס).

אויסטראָגעניש □ דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע אויסטראָגונג.

אויסטראָגער

אויסטראָגער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ← אויסטרעגער. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסטראָגן (פֿאַרשיידענע בבֿ). פֿאַרשפּרייטער; דורכטראָגער. די בעסטע א, פֿון אַן אידיי(ע), רעוואָלוציע, באַוועגונג אע. „...איז די גבֿאיטע פֿון גאַס, זי איז אַ ייִדענע אַן א'קע“, דוג, טמז, 1953 II □.

אויסט□אָגערײַ — דאָס & די, ־ען. ← אויסטרעגערײַ. אַרבעט, באַשעפֿטיקונג פֿון אויסטראָגער.

אויסטראַטוועןֹ — טרוו. ־ווע אויס, ~ געטראַטוועט. דזוו אויסדראַטוועןֹ ←.

אויסטראַטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~

געטראַטעוועט. פּד. 1. אויסטרעטן אַ וועג (סטעזשקע, שליאַך). 2. אַ סך אַרומוואַנדערן צו פֿוס. א, די גאָנצע געגנט, אַ וועלט.

אויסטראַט(ש)ען, ~טראָט(ש)ען — טרוו. ־ט(ש)ע אויס, ~געטראַט(ש)עט, ~ געטראָט(ש)עט. סל. אוקר. 1. אויסגעבן. א, דאָס גאַנצע געלט. 2. מאַכן אויס, עס זאָל ניט זײַן. „מע האָט אײַנגעפֿירט אַ חבֿרה ' תּומכידלים'...דערמיט האָט מען אויסגעטראָטעט אַ יידישע הויפּטשאַנדע — דאָס עפֿנטלעכע בעטלען„, קמ, 20 1870, No.

אויסטראַכט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסטראַכטן. ניט־אמת, אומוואָר; צוגעטראַכטס. פֿאַלשער, בייזוויליקער, ניט־געשטויגענער א,. „נישט דורך א, קומט גאולה, ניין, דורך טראַכט, דורך בלוט־געבורט“, ציַיט, מטטרון.

אויסטראַכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטראַכטן. אויסטראַכט.

אויסטראַכטן — טרוו. טראַכט אויס, ~ געטראַכט. 1. קלערן, טראַכטן ביז מע קומט צום אויספֿיר, געוואונטשענעם ציל. א אַן אויס, וועג, גוטן ענטפֿער אאַזוו. „אַל דינג וויל איך אויף דש בישט אויז טראַכטן„, בבֿא־בוך, 339.

,,די עלטערן האָבן אַ היפּשע צײַט זיך געדרייט די קעפּ טראַכטנדיק, און גאָרניט אויסגעטראַכט'', ממוס, ווינטשפֿ.

2. דורכקלערן, דענקען בּיזן סוף, בּיזן גרונט. דערגרונטעוועז זיך צו אַן עיקר, יסוד, פֿאַרבּאָרגעניש אע. ,,דען די מעשׂים פֿון הש''י בּ''ה זענין און מיגליך [= אוממיגלעך] אויז צו טראַכטין אודיר אויז צו גרינדין'', גה, 2.

3. אויסקלערן עפּעס וואָס איז פֿאַקטיש ניטאָ, אויספֿאַנטאַזירן, אויסחלומען. א, אַן אוטאָפּיע, (גאָלדענע) גליקן אע. א, פֿון קאָפּ. ,,דאָש אויז טראכטין פֿון דיא איצטיגי ווייבּר האָט קיין שיעור'', כּוכבֿא דשביט, אמשט 1695, ה/בּ [פֿש II]. ,,האָט דער מלך דערקענט אַז זײַנע רייד זענען אמת וואָרן מע קאָן זיך אַזוינס ניט אויסטראַכטן פֿון דעם האַרץ,,, נחבּ, לה/ג.

4. פֿאַלן אויף א המצאה, דערטראַכטן זיך צו עפּעס. א, שפּיצל, קונץ, פֿאָרטל, תּירוץ אע. ,,אַז נאַראָנים האָבּן ליבּ זיס האָבּן קלוגע אויסגעטראַכט'', שוו. ,,זיך שטאַרק נאַריש מאַכן...און א, וואוילע אָנשטעלן'', ממוס, קליאַטשע.

5. אויסקלערן אומאמתדיקס (כּדי צו

שעדיקן). א, ליגנס, בלבולים. ,,אויך זענען
פֿאַרהאַנדן אַ טייל לײַט אָז זיי הערן אַ פּאָטשט,
זעצן זיי זיך אַנידער און טראַכטן אויס פֿיל

251

ליגן דערצו‟, לט2, 1/101. *א, וואָס אין דער
קאָרט (שטייט) = כּלערליי שלעכטס. ,,קורץ
פֿון דער זאַך, אַז זי האָט חשק, טראַכט זי
אויף מיר אויס וואָס עס איז נאָר דאָ אין דער
קאָרט,,, עט, םערקעלע. *המן האָט ניט
אויסגעטראַכט וואָס דו טראַכטסט אויס —
ווערט געזאָגט צו אַ בלבולים־מאַכער. ,,דו המן,
טוסט א, ליגן, ליגן, מסירות אויף ייִדנס
קינדער‟, ממוס, פּריזיוו.
6. מחדש זײַן, אויסגעפֿינען, אַנטדעקן. א,
אַ נײַע מאַשין, נײַעם אופֿן עפּעס צו טאָן. א אַ
,
וואונדער(לעכן מיטל), אַ היילמיטל אַאַזוו. ,,אין
איטליכן דור טראַכט מען דרומן אוש נייאש,,,
חה, 46. ,,וואָס געשריבן, זאָגט ער, דאַרף מען
היטן, און וואָס יענע טראַכטן אויס — וואַרף
בלא בושה עס אַרויס,,, ממוס, יודל. □איך
ווייס ניט, ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אָט

דאָס בויבעריק?“, שע, גלות דאַטשע.
7. איינשטעלן, שאַפֿן. א, אַ ליד, ניגון, טאַנץ
אע. א אַ געפֿליגלט וואָרט, לאָזונג אע־ ,,זעלכי
,
זקנים די האָבן...תּפֿילות...וואול אויז גיטראכט,
דז ניט צו פֿיל אודר צו פֿיל ווערטר זאָלן
זיין“, לט1, 1/17. ,,וואַש האשט דוא דען
אויש גיטראכט? אלש וואָש אין עין יעקבֿ
שטייט האשטו ווידר אין דער דרוק גיבראכט“,
עיון, 1/72. *א, אַ (נייעם) פּזמון = א) נייעם
אויסרייד; בּ) לאָזונג, שיטה, אידיי(ע). ,,האָט
מען אויסגעטראַכט אַ נייעם פּזמון:
ארץ־ישׂראל!“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. מיט ז י ך
= סתּם אַזוי, אָן זינען אָדער ווערט. ,,...טאַנצן
וכּדומה, נאָך אַזעלכע שמאָכטעלייען...דאָס האָט
מען אַליין זיך אויסגעטראַכט שפּעטער און אַ
נאָמען געגעבן בּילדונג“, ממוס, קליאַטשע.
אויסטראַכטס — דאָס, ־ן. פּטמ. אויסטראַכט,
אויסטראַכטעניש. ליגן, בלבול פֿאַנטאַזיע.
.
אויסטראַכטעכץ — דאָס, ־ן (־ער). איר
אויסטראַכטונג, אויסטראַכטעניש. ,,ער האָט
געצויגן פֿון בוזעם־קעשענע אַלערליי דאָקומענטן
וואָס זאָלן באַשטעטיקן זיינע

אויסטראַכטעכצער“, באש, פּאָר, 1958 ׳ 30.
אויסטראַכטעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסטראַכטונג (בײַטעם: קאָמפּליצירט, כּפֿל־שמונהדיק). ליגן, בלבול, פֿאַנטאַזיע, חלום, אײַנרעדעניש. „אַרײַנגעפֿלאָכטן...אין ראָמאַן כלערליי א'ך“, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I. „די וועלט איז מסוגל צו גלייבן אין כלערליי וויסטע א'ן, אין אָפֿענע שקרים“, צײַט, טמז, 1957 1 XI.
אויסטראַכטער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טראַכט אויס. ליגנער, בלבולים־מאַכער. פֿאַנטאַזיאָר, בעל־חלומות. ווער עס איז מחדש, געפֿינט אויס נײַס. „די אויסטראַכטערקע חנה וויל אַ מאַרצעפּאַנע“, מאָל, ,מאַרצעפּאַנעס'.
אויסטראַכטעריש — אדי. וואָס איז ווי (האָט די טבֿע פֿון) אַן אויסטראַכטער. א'ע געוגעלעך.
אויסטראַכטערישקייט — די (דאָס), ־ן. פֿעאיקייט אויסצוטראַכטן פֿאַנטאַזיע, המצאה.
דיקייט.
אויסטראַכ(ק)ען — ־כ(ק)ע אויס, ~ געטראַכ(ק)עט. ← אויסטאַראַכקען. אוטוו — אַרויסברענגען אַ הילכיקן קלאַפּ, קלאַנג ענלעך צו

טראַך. פלוצעם א'. טרוו — מיט הילכיקע

אויסטראָנטשען

קלאַנגען אַרויסבּרענגען. „די מעשענע טרובּעס האָבּן אויסגעטראַכקעט דעם נײַעם מאַרש“.

אויסטראַלאַליי — טרוו ע ויס,
קען .
~(גע)טראַלאַלײַקעט. אויך: ~ט ראַ

ייִקען. 1. אויסזינגען ניגון מיט די קלאַנגען טראַ־לאַ־לאַ פֿריילעד אויסזינגען. 2.
אויס.
דריקן פֿריידיק געפּיל דורך זינגען טראַ־לאַ־לאַ.
א, די גוטע שטימונג זײַנע. [פֿרגל: אויסט(ע) רעלייקען].
אויסטראַלאַלײַקען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אויסזינגען טראַ־לאַ־לאַ און אויפֿהערן. „וואַרט, ער וועט חתונה האָבּן, וועט ער זיך א',„ רייד.
אויסטראָל(ד)ן — טרוו. טראָל(ד) אויס, ~ געטראָל(ד)ט. בּאַנייען, אַרומנייען בּרעג פֿון מלבּוש (פֿאָרהאַנג, פֿירהענגל) מיט טראָלדן, קײַלעכדיקע שטאָפֿענע פֿרענדז.

אויסטדאַליע — גג. קלענסטער צווישן
קאָנטינענטן. 'דרומדיק לאַנד, terra australis <.
אַנטדעקט אין 16. יה. גאַנץ א, איז איין
מדינה. ערשטע ייִדישע קהילה (אין סידני)
אין 8,658 — 1911.1832 ייִדן; 1930 —
65,000 — 1959;30,000 (אַדאַנק דער
אײַנוואַנדערונג נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה).
גרויסע קהילות אין סידני און מעלבורן.
אויסטראַליער — דער, מצ ווי אצ. ונ ־ין, ־ס.
אײַנוואוינער פֿון אויסטראַליע; ספּעצ.
אויסטראַלישער אַבאָריגען (←), וואָס איז פּרימיט וו,
טונקל־הויטיק, מיט דיקע ליפּן, בּרייטע
נאָזלעכער, שוואַרצע (אַמאָל אויך געקרײַזלטע)
האָר (געהערט צו אַ באַזונדערער ראַסע).
אויסטראַליש — אדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו אויסטראַליע. א'ער קאָנטינענט. א,
אורפֿאָלק.
אויסטראָמאַס(ק)ען, ~טראָמאָס(ק)ען
— טרוו. ־ס(ק)ע אויס, ~(גע)טראָמאַ(אָ)ס(ק)עט.
וורר. אויסשאָקלען, אויסטרייסלען. א, די
ביינער, דעם זאַק מיט ביינער. א, אַ בוטל מיט אַ
פֿליסיקייט. "מע טאָר ניט א אַ פֿלאַש מעד,,.
,
אויסטראָמבען — טרוו. ־בע אויס, ~

געטראָמבעט. פּד. 1. אויסשפּילן אויף אַ
טרובע. 2. ם[אַרשפּרייטן ידיעה, רכילות;
אויספּויקן. „די בּאַרעדערקע וועט שוין א, די מעשׂה
מיט דער שכנטע“.

אויסטראָמפּייטן ◌. טרוו. ־פּייט אויס, ~
געטראָמפּייט. 1. אויסשפּילן אויף אַ טראָמפּייט,
טרומייט. 2. דזוו אויסטראָמבען בּ2. —טערן.

אויסטראַמפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~
געטראַמפּלט. לד. אויסטרעטן מיט שווערע פּיס
(אין שטיוול). א, אַ וועג, שטעגל. די פֿערד
טראַמפּלען אויס די גרודעס.

אויסטראַנזשירן — טרוו. ־יר אויס, ~
געטראַנזשירט. פּד. 1. אויסשנײַדן, צעשנײַדן.
2. אויסרײַבן, אָפּניצן אַ מלבוש. א, אַ פּאָר
הויזן, די קאַפּאָטע אאזוו.

אויסטראַנזשירן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
1. אָפּגע◌יצט, אָפּגעטראָגן ווערן (וועגן
מלבושים). „דאָס חתונה־קלייד האָט שוין לאַנג זיך
אויסגעטראַנזשירט„. 2. אָפּגעשלאַפּט ווערן
(וועגן מענטשן), אָנווערן כּוחות; פֿאַר דער
צײַט זיך עלטערן. „פֿון צרות טראַנזשירט
מען זיך אויס“.

אויסטראָנטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געטראָנטשעט. פּד. 1. אויסשטויסן,

אַרויסאויסטראָנעזיש

שטויסן. א, פֿון די הענט אַ זאַך וואָס מע
האַלט. א, פֿון שטוב אַרויס. 2. אויסקלאַפּן.
גוט א, פֿאַר אַזעלכע רייד.
אויסטראָנעזיש — אַדי & סובֿ. באַצייכנט
אַ שפּראַך־פֿאַמיליע וואָס נעמט אַרום
אינדאָנעזיש, פּאָלינעזיש, מעלאַנעזיש און זייערע
אָפּצווײַגונגען. ־זיער — ווער עס רעדט
אויף אַן א'ער שפּראַך.
אויסטראָנען — טרוו. טראָן אויס, ~
געטראָנט. אויסשמירן מיט טראָן, פֿיש־פֿעטס.
א, די שטיוול.
אויסטראָ(נ)צלען — טרוו. ־צל אויס, ~
געטראָ(נ)צלט. אָפּֿט מיט ז י ך. דזוו
אויססטראָנצלען ←. א, זיך ווי חוהלע (שיינדעלע) צום
גט; ווי אַ כלה־מויד.
אויסטראַסקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס,
~געטראַסקעט. דזוו אויסטראַכ(ק)ען ←.
אויסטראָפּן — טרוו. טראָפּ(ן) אויס, ~
געטראָפּ(נ)ט. אויסליידיקן (אַ כלי) טראָפּנווײַז;
אַרויסלאָזן פֿון אַ פֿליסיקייט אַ צאָל טראָפּנס.
א, דרײַ טראָפּנס אין יעדער אויג. א, וואַלעריאַן

אויף שטיקלעך צוקער.

אויסטראָצן — טרוו. טראָץ אויס, ~
געטראָצט. אָפּט מיט ז י ך. לאָקל (קיִעווער ג').
דזוו אויססטראָנצלען ←.

אויסטראַצען — טרוו. ־צע אויס, ~
געטראַצעט. וורר. סל. אויסגעבן, אויסברענגען (געלט).
א אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט אויף נאַרישקייטן.

אויסטראַצען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אינגאַנצן אויסברענגען, פּטרן דאָס גאַנצע
האָבאון־גוטס. „ער האָט זיך אויף איר
אויסגעטראַצעט ביזן לעצטן גראָשן„.

אויסטראַקטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
טראַקטירט. געבן טראַקטימענטן, כּיבוד צו אַ
צאָל. א, אַלע געסט. א, די מחותּנים מיט
לעקעך און בראַנפֿן.

אויסטראַקענען — אוטוו. ־קע אויס, ~
געטראַקעט. (זאַמעט). אויסטראָגן (וועגן פֿערד).
„די פֿערד האָבן זיך דערשראָקן און
אויסגעטראַקעט„.

אויסטראַשטשען — ← אויסטאַראַשטשען.

אויסטרובירן — אַקוזוו. ־יר אויס, ~
געטרובירט. ל[ל, (קעלעם, שאַוול, זאַמעט).
אויסדרייען, אויסלינקען (אַ האַנט, אַ פֿוס).

,,אַ שפּרונג געגעבּן און זיך אויסטרובּירט
אַ פֿוס“.
אויסטרובּירן — טרוו. ־יר אויס, ~
געטרובּירט. (זאַמעט). פּפֿ פֿון: אויסטרובּע􏰀נען ←.
אויסטרובּעווען, ~טרובּע(נע)ן — טרוו.
־בּע(ווע) אויס, ~געטרובּע(ווע)ט. לד, אוקר.
דזוו אריטטראָמבּען ←.
אויסטרויבּערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געטרויבּערט. לאָקל (מינסק, בּריסק). דזוו
אויסטרייבּערן ←.
אויסטרוימען — טרוו. טרוים אויס, ~
געטרוימט. אויסחלומען, אויספֿאַנטאַזירן, זיך
אויסמאָלן אין דער פֿאָרשטעלונג. אויסהאָפֿן.
,,כ'האָבּ טויזנט וועגן אויספּרובּירט און ניט
געטראָפֿן, כ'האָבּ טויזנט טרוימען
אויסגעטרוימט אין פֿאַלשן האָפֿן,,, יהואָש, זון און
נעבּל.
אויסטרוימען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך
אויסלעבּן אין וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע. “אַ יונג

קינד, לאָז ער זיך א', דערנאָך וועט ער זיך
אויסלערנען עפּעס אַ פֿאַך“, נאַד. 2.

אויפֿהערן פֿאַנטאַזירן.
אויסטרויען — טרוו. טרוי אויס, ~געטרויט.
אײנגאַנצן פֿאַרטרויען. האָבן פֿולן צוטרוי צו אַ
צאָל. „טרוי אויס אַ פּלאַפּלער דײַנע סודות
און שנײַד אים אויס די צונג„, שוו.
אויסטרויערן — טרוו. ־ער אויט, ~
געטרויערט. 1. שטאַרק, אַ לענגערע צײַט טרויערן.
בּולט אויסדריקן דעם צושטאַנד פֿון
געבּראָכענעם געמיט. „ס'גאַנצע לעבּן טרויערט די
מוטער אויס דעם טויט פֿון איר אײנציק קינד“.
2. נעאָל. אויסדריקן עפּעס דורך (מיט) טרויער.
„אײַער ,עלינו, האָט שטיל אין די בּערד
אויסגעטרויערט דאָס תּמימות פֿון לעמער„,
אפֿא, גילדענע שקיעה.
אויסטרויערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן טרויערן (איר בּײַטעם). „גענוג שוין,
טרויער זיך אויס, דײַנע שיפֿן זײַנען נאָך ניט
אונטערגעגאַנגען“.
אויסטרומייט(ער)ן — טרוו. ־מייט(ער)
אויס, ~געטרומייט(ערט). 1. אויסבּלאָזן,
אויסשפּילן אויף אַ טרומייט. א, אַ ניגון, אַ
מאַרש אאַזוו. א, פֿרייד, נצחון, סיגנאַלן אאַזוו.
2. אויסשרײַען, אויסרופֿן. אויספּויקן,
פֿאַרשפּרייטן אַ נײַס (אַ סוד). א, איבּער אַלע גאַסן

די פֿאַלשע קלאַנגען. „ואחר זה...האָט דער
רשע גאָנטע...געהייסן אויסרופֿן אונ א, אַז
מע זאָל זיך איבער קיין יהודי ניט
דערבאַרעמען“, מע ה אומן.
אויסטרומייטערער — דער, ־ס. דער וואָס
טרומייטערט אויס. „אין די ראַמען פֿון זײַן
פֿאַרענגטער קונסט איז ער אַ זאָגער, אַ דרשן,
אַ פּריידיקער, אַן א,“, יג, תּוך.
אויסטרהא(נע)ן, ~טירההנ(ע)ן —
[...טי'רכענען, ד, אויך: ־טער..., ־טאַר...] טרוו.
ט(י)רחא (־חה) אויס, ~געט(י)רחאט (־חהט).
אויסמאַטערן, אויסמידן; מטריח זײַן אַ צאָל.
„כ'וויל אײַך באמת ניט א', אָבער איך בעט
אײַך...,,.
אויסטריאומפֿירן — אוטוו. ־פֿיר אויס,
~(גע)טריאומפֿירט. 1. זיגן, אָפּהאַלטן גצחון
איבער אַ צאָל (שׂונאים). א, אין אַלע שלאַכטן.
2. אויסרופֿן מיט נצחון, גדלות. „אַהאַ! איצט
האָט איר שוין ניט וואָס צו ענטפֿערן! —
האָט ער אויסטריאומפֿירט מיט אַ מינע פֿון אַ
זיגער“.
אויסטריבן — טרוו. טריב אויס, ~געטריבט.
1. מאַכן אומריין, אומקלאָר, אומדורכזיכטיק
(וועגן פֿליסיקייטן). „גיס קיין זאַך ניט צו

צום ווײַן, ווערסט אים א'". 2. מאַכן טרויעריק(לעך). א, דאָס געמיט.

אויסטריט — דער, ־ן. 1. אָקט פֿון אויסטרעטן. אויסוועג, אויסגאַנג. ניטאָ קיין א'. 2. אַ פּאָר טרעפּ פֿאַרן הויז מיט אַ קלײנעם שטח פֿאַר די טרעפּ. ניטאָ קיין גאַניק, נאָר אַ קלײנער א'. 3. אָפּגעצוימט אָרט פֿאַרן הויז (מיט ביימלעך, בלומען).

אויסטרייבן טרוו. טרײַב אויס, ~געטריבן.
--

1. אַרומיאָגן אַ פֿערד, ביז מע קען עס אײַנשפּאַנען, באַצווינגען. „אײדער מע זעצט זיך רײַטן אויפֿן אָגער, דאַרף מען אים פֿריִער א"„. 2. אַרויסטרײַבן. „מע זאָל ייִדן פֿון אַלע שטעט

אויסטרייסלעניש

אויבן בײַם רײַן א'„, ייִפֿאָל, 11 1882, No.

3. אויסאַרבעטן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. א, בראַנפֿן, ווײַן, ביר. „איך האָב בײַ אים געקויפֿט ,בראַנדווײַן, וועלכער ער ווערט א"„ קח, כג/א.

אויסטרייבערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטרייבערן.

אויסטרייבערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געטרייבערט. 1. אויסשנײַדן חלבֿ, אָדערן פֿון פֿלייש, עס זאָל זײַן כּשר. פֿאַרענדיקן מנקר זײַן. א־ דאָס פֿלייש, א, די געשאָכטענע בהמה.
2. אויספרעסן געלט, שאַנטאַזשירן. א, עמעצן, א, פֿון אים געלט. *א, די קישקעס = אויך: אויסמאַטערן, אויספּײַניקן. „די שווערע אַרבעט טרייבערט אויס די קישקעס". נעמען אויף אַ פֿאַרהער און א, די קישקעס.
אויסטרײַך — גג. דזוו אוישטרײַך, עסטרײַך. „אין א'...אײַנגעפֿירט מאַנהיימער שולן„, מ"ב מקאָוונאָ [ברעגאָווסקי], היסטאָריע, דער תּנאָים אָן אַ חתן, ווילנע 1876.
אויסטרייסטן — טרוו. טרייסט אויס, ~ געטרייסט. 1. פֿאַרגרינגערן, מילדערן זאָרג (לײַדן) דורך באַרוענדיקע רייד (בײַ אַ גרופּע). א, די אומגליקלעכע. 2. פֿירן צו באַרואיקונג, גרינגערן געמיט דורך טרייסטן. „דער בעסטער מיטל אויסצוטרייסטן אַן אַלמנה איז מיט איר חתונה האָבן„, שוו.
אויסטרייסלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטרייסלען.
אויסטרייסלען — טרוו. ־סל אויס, ~ געטרייסלט. 1. אויסשאָקלען. א, זאַמד פֿון די

שיך. א, די קאָלדרעס, בעטגעוואַנט. א, די קעשענעס פֿון ברעקלעך; א, די פּאָלעס פֿון שטויב אע. „מע טאָר ניט אויסטרייסלען אום שבת קיין שום מלבוש פֿון דעם טוי אָדער רעגן אָדער שטויב וואָס איז דערויף געפֿאַלן“, לט2, 2/60. ביי תּשליך טרייסלט מען אויס די קעשענעס. “א, אַ שטראַליקייט„, הר, אָדמס קינדער. פּפֿ: א, ווי אַ לולבֿ. *א, די נשמה = זייער שטאַרק דורכטרייסלען. „און אָלע ווײַלע שפּרינגען אונטער די רעדער און טרייסלען מיר אויס די נשמה„, קאַצאָוויטש. *א, פֿון אַרבל = א) אויסטראַכטן עפּעס אָן אַ פֿאַקטישן יסוד; בּ) אַריבערשטײַגן, אַריבעריאָגן עמעצן, זײַן אין אַ סך אַ העכערער מדרגה ווי אַ צווייטער. *א, זאַמד פֿון אַרבל = ווערן רירעוודיקער, גיכער ביי אַן אַרבעט. „דער בעלהבית זאָגט אונדז גאַנץ אָפֿט: נו, רירט זיך, טרייסלט שוין אויס די זאַמד פֿון אַרבל“, רייד.

2. אויסליידיקן; צונעמען דאָס לעצטע. א, דעם לעצטן גראָשן. „דו אַליין ווייסט גאַנץ גוט מײַנע עשירות. אַז דו וועסט מיך א', וואָס וועסטו ביי מיר געפֿינען?“, ממוס, 'שם און יפֿת'. *א, פֿון עמעצן די נשמה = א) צונעמען אַלץ, באַרײַסן; בּ) אויספֿרעגן, אויספֿאָרשן (און

מאַטערן דערבײַ). *א, בײַ עמעצן אַ פֿרעמדן קלאָץ = אונטערוואַרפֿן עמעצן אַ צווייטנס שולד, מאַכן אַ בלבול. „הײַנט האַנדלט ער שוין ניט — איבער אַ בלבול, מע האָט אויסגעטרייסלט בײַ אים אַ פֿרעמדן קלאָץ,„ שע, מעע)יות פֿאַר ייִדישע קינדער.
אויסטרייסלעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסטרייסלונג (דויערנדיקע). „איז דאָס געווען אַ

אויסטרײַען

פֿאָרן. אַן א, פֿון די ביינער, אַ זעצעניש אין די זײַטן“.
אויסטרײַען — טרוו. טרײַ אויס, ~געטרײַט.
אַמ. try out □t:□. <. אויספּרוּוון, אויספּרוּבירן. א, אַ מענטשן, אַן אַרבעט.
אויסטריל(ער)ן — טרוו. טריל(ער) אויס, ~געטריל(ער)ט. ← אויסטרעלן. אויסזינגען מיט אַ טריל פֿון אַ פֿייגעלע; אויספֿישטשען. א, אַ פֿרימאָרגן־ליד.
אויסטריל(ער)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. טריל(ער)ן און אויפֿהערן. „זינגפֿייגעלעך זײַנען בײַ מיר מײַנע טעכטער געווען. אָבער איצט, הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע, האָבן

זיי זיך שוין אויסגעטריל(ער)ט“.
אויסטרימעז — טרוו. טרים אויס, ~
געטרימט אַמ. to trim: ▯ˉ <. אויספּוצן בײַם
פֿאַרענדיקן אַ קלייד, היטל [אויסגלעטן,
אויסגלײַכן. צונייען עפּעס אדגל]. א, אַ קלייד מיט
שפּיצן, א, אַ מאַנטל מיט גלאַנציקע קנעפּלעך.
אויסטרינקען — טרוו. טרינק אויס, ~
געטרונקען. 1. טרינקען אַלץ וואָס איז דאָ
אין דער כּלי. א, עטלעכע גלעזעלעך. “לאָז
דיר דאָש כּוס פֿון דער בּרכה כּשיעור ניט
זיין צו איין לאַסט, דען דאש כּוס פֿון די
בּרכה בּיהעפֿט זיך צו דעם גוטן און ניט צום
בּיזן. דרום זאָלשטוש אויש טרינקן און
אויש ניגן„, עיון, 1/41. „זי טרינקט אַפֿילו
נישט אויס קיין גלאָז וואַסער, נאָר טרינקט
בּראַנפֿן אַ פֿול קוואַרטירל“, עט. *א אַ (דעם)
,
ירדן = א, זייער אַ סך. „...א אַ ירדן בּראָנפֿן“,
,
ממום, קליאַטשע. *א, דעם (אַ פֿולן) לאָגל
טרערן = זיך אָנלײַדן א סך צרות און וויינען.
2. טרינקען בּיזן סוף, דעם גאַנצן אָנגרייט.
„אַ שיכּור טרינקט אויס דעם בראַנפֿן פֿרײַטיק
בּײַטאָג און מאַכט שבּת קידוש איבּער אַ חלה„,

שוו. ‟חסידימלעך זאָלן פֿריילעך זײַן, טרינקט דער רבּיניו אויס דעם ווײַן“, שוו. „א, דעם ווײַן פֿון אַלע שויבּן“, יוסף רובּינשטיין, נאַכט אויף נאַלעווקעס. „טרינקט אויס דעם טאָג ווי אָ געטראַנק„, אפֿא,...אַלטער קוואַל. „אַזוי פֿיל ריצנ□ .יל זאָל ער א'!“, קללה.

3. מאַכן אַ לחײַם, נעמען אַ גלעזל משקה. א, בײַם אָפּשליסן אַ געשעפֿטל. „נו, גוט, אַצונד קום, לאָמיר א, צוליבֿ אַזאַ גאַסט„, ממוס, קליאַטשע.

4. אײַנזאַפּן, אַרײַננעמען אין זיך. „אַז די מענטשן עסן נישט, נאָר פֿרעסן, טרינקען נישט, נאָר זויפֿן, שפּאַצירן נישט, נאָר ווילן א, די לופֿט“, פּרץ. „כ'האָבֿ אַלע פֿרילינגס פֿון די וועלטן אויסגעטרונקען און קיינמאָל וועט צו מיר דער ווינטער מער ניט קומען“, יהואָש, 'אייבּיק'. ‟שוין נאָך אַ טאָג האָט אויסגעטרונקען גאָט ווייס ווער“, מלח. „איך האָבֿ אויסגעטרונקען בּיזן דעק מײַן ווייטיק אין דער נאַכט“, חג, יאָ.

5. בּדלות שטעלן, אויסבּרענגען וואָס מע האָט דורך טרינקען אַ סך. „אַזוי פֿיל אורחים עסן דיך אויף און טרינקען דיך אויס...אויף דעם בּיסטו גאָרנישט קאַרג„, יפּ, 126.

6. דערטרענקען, אויסטרענקען ←.
אויסטרינקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסטרינקען.

אויסטריסנען —־ טרוו. ־נע אויס, ~
געטריסנעט. אוקר. דזוו אויסטרעסנען ←.
אויסטריסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געטריסקעט. אוקר. דזוו אויסדריסקען ←.
אויסטריפּלען (זיך) — טרוו. ־פּל אויס,
~געטריפּלט. אוקר. דזוו אויסדריבּלען (זיך) ←,
ספּעצ בּ □.
אויסטריפּען — ־פּע אויס, ~געטריפּעט.
פּפֿ: ~טרעפּען. אוטוו — אויסטריפֿן ←.
□ דער גאַנצער ווײַן האָט אויסגעטריפּעט“.
טרוו — אויסרײַבּן, אויסרײַסן. אַרויסשלעפּן
פֿעדעם פֿון אַ שטאָף. „...,דאַרף שוין נישט קיין
בּרוסטטיכל, מע מעג א, די זילבּערנע פֿעדעם
און פֿאַרקויפֿן„, פּרץ, סאַטירן און הומאָרעסקן.
אויסטריפֿהן — [...טרייפֿען] ט □ ו. טריפֿה
אויס, ~געטריפֿהט. אויך: ~טרייפֿן. מאַכן
ס'זאָל זײַן (ווערן) טריפֿה. “דער חלף האָט
אפֿשר אַ פּגימה און מע קען נאָך חלילה א,
די בּהמות“.

אויסטריפֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~
געטריפֿלט. מאַכן טריפֿלעך; אויסניצן געמיש
פֿון אייער מיט אַ ביסעלע מעל בײַם מאַכן
טריפֿלעך אין זופּ. א, טריפֿלעך. א, צוויי אייער.
-
אויסטריסן — טריף אויס, ~געטריפֿט. אוטוו
— 1. אויסרינען טראָפּנווײַז. א, ווי וואַסער
פֿון אַ כלי. ,,געוואָלט אויפֿהאַלטן אין זיך די
רואיקייט...די רואיקייט האָט אָבער ווי
אויסגעטריפֿט,,, אָפּאַ, טענצערין. 2. פּאַמעלעך
אויסשמעלצן. ,,די ליכט טריפֿט אויס,,.
טרוו — 1. טריפֿן עטלעכע מאָל (וויפֿל מע
דאַרף) פֿאַרענדיקן טריפֿן. א, די ביטערע
—.
רפֿואה אויף שטיקלעך צוקער. א, אַלץ וואָס
אין פֿלעשעלע. 2. ביסלעכווײַז אויסליידיקן,
אויסגיסן. ,,און דאָך האָב איך אויף די לאָנקעס
אויסגעטריפֿט מײַן האַרץ", פּרץ. ,,דו קאָנסט...
דורך אויגן א, דײַן האַרצנס צוואַנג,,, קוו, ,מײַן
פֿרײַנד,. 3. שאַפֿן עפּעס דורך טריפֿן. א,
אַ פֿיגור פֿון וואַקס.
אויסטריצן — אוטוו. טריץ אויס, ~
געטריצט. (גאַליציע, קאַרפּאַטאָרוס). אויסשפּאַרן
זיך ביז מע פֿירט אויס; איבערשפּאַרן. ,,מיט

אים טריץ איך יאָ אויס", רייד.
אויסטריצע — די, ־ס. דזוו אויסטער ←.
אויסטריקענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסטריקענען. די א, פֿון זומפּן.
אויסטריקעניש — דאָס (די), ־ן. 1. אויסטריקענונג. 2. מצבֿ פֿון אָנוואַסערדיקייט. פלאָג ווען עס גייט ניט אַ לאַנגע צײַט קיין רעגן. „ניטאָ קיין רעגן, עס קומט אַן א, אויף אונדזער לאַנד". 3. אויסגעדאַרטקייט פֿון אויסזען. „זעט נאָר, ער איז הויט און בּיין, אַן אויסטריקעניש!". 4. קראַנקייט וואָס פֿירט צו אײַנדאַרעניש. „אַן א, זאָל קומען אויף אים!", קללה.
אויסטריקענען — ־קן אויס, ~געטריקנט. ← אויסגעטריקנט ווערן.
אוטוו — 1. ווערן אינגאַנצן טרוקן (פֿון זון, וואַרעמקייט, ווינט אאַ סיבּות). „ס'קומט זומער און די בּלאָטעס טריקענען אויס". 2. ווערן אײַנגעדאַרט. „ער טריקנט ממש אויס און דאָקטוירים ווייסן ניט וואָס דאָ איז".
*דער מוח (דער מאַרך) טריקנט (עמעצן) אויס = מע האָט שווערע דאגות, מע קען זיך קיין

אויסטרעטן

עצה ניט געבן. אויך אומפּ: *עס טריקנט אויס דעם מוח. „סע טריקנט אויס דעם מוח, סע נעמט אַראָפּ דאָס פֿלייש פֿון לײַב, סע זויגט אויס דעם מאַרך פֿון די ביינער“, ממום, בישיבֿה של מטה'.

טרוו — 1. מאַכן אינגאַנצן טרוקן. „גאָט האָט אָרויסגעצויגן די תּמוז־זון פֿון איר פֿוטערפֿאַס צו שײַנען אויף גלופּסק און א, אירע בלאָטעס און קאַליוזשעס„, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „אויסגעטריקנט אַלע טויען דאָס הויז צו מאַכן שטאַרק“, יהואָש, אַ הויז'. 2. מאַכן

,

עס זאָל ווערן פֿאַרדאַרט, אײַנגעשרומפּן. „דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רויכערט אויס פֿון אָרט די געפֿילן און פֿאַרוואַנדלט אַלץ. אין סחורה“, ממוס, קליאַטשע. „ער האָט אויף אַ סוגיא אַ האַרבער געמאַטערט ז◌ך לאַנג, אַ סוגיא וואָס האָט אים זײַן מאַרך אויסגעטריקנט“, ייִש, איבז, ביאַליקס דער מתּמיד'.

אויסטריקענען זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. פֿוו זיך אינגאַנצן טרוקן ווערן. „וועש טריקנט זיך אויס“.

אויסטריש — אַדי. פּאָדאָליע, מג. דזוו
אויסטערליש ←. „אַ נײַ אויסטרעש חדר“,
לינעצקיס יובילעאום, אָדעס 1891, ז, 36. „די לבָנה
האָט געשײַנט גאָר אַ, און מיר זענען אַלע
געגאַנגען“, יפּ, ם1.
אויסטרישטשען — 1. דזוו
אויסטרעשטשען ←. אוקר. 2. דזוו אויסט(אַ)ראַשטשען
←.
לאָקל (באַרדיטשעוו).
אויסטרעבעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געטרעבעוועט. רוסיצ. 1. אויספֿאָדערן,
אַרויספֿאָדערן. אַ, אַזוינס וואָס מע קען ניט צושטעלן.
2. אַרויסרופֿן, באַפֿעלן פֿאַרלאַנגען. „דער
,
סודיאַ וועט אים שוין אַ, צו קומען“.
אויסטרעגער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
פֿרגל: אויסטראָגער. אויסדערציילער פֿון סודות,
פֿאַרשפּרייטער פֿון פּליאָטקעס.
אויסטרעגערײַ — דאָס & די, ־ען פֿרגל:
אויסטראָגערײַ. פּליאָטקע־מאַכערײַ. דאָס
פֿאַרנעמען זיך מיט אויסדערציילן סודות.
אויסטרעט — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסטרעטן. אָרט וואָס איז (בכּיוון) אויסגעטראָטן
געוואָרן. שמאָלער אַ, צווישן די בייטן.

אויסטרעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסטרעטן.
אויסטרעטן — אוטוו. טרעט אויס, בין ~
געטראָטן, ~געטרעטן [אויך מיט ה אָ בּ].
רעזיגנירן, דעמיסיאָנירן, אַרויסטרעטן פֿון אַמט.
מיט דעם באַטײַט כּסדר אין קמ, למשל: „עס
איז אַ גרויסע שאָד וואָס [ע] איז
אויסגעטרעטן, וואָרעם ער איז געווען דער ערשטער
פֿרײַער
מיניסטער“, 25 1863, No. אויך אין ייִפֿאַל,
למשל: „...איז גאַמבעטאַ אויסגעטרעטן פֿון
דער רעגירונג“, 8 l881 X.
אויסטרעטן — טרוו. טרעט אויס, ~געטראָטן,
~געטרעטן. [אויך מיט ב י ן]. 1. אויסגיין,
דורכגיין (מיט געמאָסטענע אָדער שווערע
טריט). א, די לאַנגע גאַס הין און צוריק.
‘“דלות, איז אַ שלעפּער...און אַלט ווי די
וועלט, אויסטרעטנדיק שוין אַזוי פֿיל יאָרן די
ערד...אָבער אין געלעכערטע צדקה־שטיוול,„
פּרץ.

אויסטרעטן זיך

2. דורכשלאָגן מיט טריט אַ פֿרײַען שטח

צו גיין. א, אַ וועג, שליאַך, סטעזשקע. "ער האָט אין שניי אַ סטעזשקע אויסגעטראָטן,,, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט. ,,ווערט אַ שליטוועגס אויסגעטריטן", פמ, וואָלין. א, אַ וועג = זײַן אַ פּיאָנער; צוגרייטן פֿאַר שפּעטערדיקע באַקוועמערע באַדינגונגען; אָנווײַזן נײַעם דרך אין טראַכטן, אויפֿפֿירן זיך אע.
,,אָט צוליבֿ דעם פֿאַרלאָזן מיר אונדזערע עלטערן, אונדזער היים...און גייען אַרבעטן אויף די ערג פֿון ישׂראל, אויסצוטרעטן אַ וועג פֿאַר אונדזערע ברידער", ממוס, ,בּישיבֿה של מטה,.
3. עפּעס אויפֿטאָן דורך טרעטן מיט די פֿיס. א, ווײַן אין קעלטער. ,,...ווײַן אויף אײַער אייגן לאַנד, פֿון אײַערע אייגענע ווײַנגערטנער, וואָס איר אַליין וועט א',,, ראַבֿאָי, אייגענע ערד. 4. (גאַרבערײַ) טרעטן מיט די פֿיס, אַרײַנשטופּן, אַראָפּקוועטשן ד
אַרויפֿי
שווימענדיקע עאַרדובעטע פֿעל אין טשאָפּ

אַרײַן. ,,ווער איין הויט אויסאַרבעט, אײַנזאַלצט

אָדער איין ווייכע הויט אויסטרעט, בּיז זי האַרט ווערט...,,, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם.
5. עפּעס קאַליע מאַכן דורך טרעטן, אויסטראָגן. א, לעכער אין די שיך, א, די זוילן. אויסרייַבן פֿאַררייַבן מיט אַ טריט. ,,אין בּית
,
הכּנסת ווער אויסשפּײַט מוז א, בּרגלו“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
6. אָפּטרעטן, אַרויסגיין פֿון אָנגעצייכנטן וועג. איבּערטרעטן, עובֿר זײַן. ,,איינר איז אים וליישיג [= פֿלײַסיק] אין אינם דינשט אונ, וואו ער איין ווינג אויש טריט גיגן אים...,,, בּרנט שפּיגל נאַווע III). ,,אונ, אין אלי מיני זאַכין האָבּ איך [קעגן] גאָט יתבּרך...ניט אויש גיטרעטן איין שריטן“, לט1, 2/47. מלל פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט 'ויבֿעט, (דבֿריס, לבֿ, 15) אויש גיטרעטין.
אויסטרעטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן צעטראָגן, אויסגעטראָגן. ,,מײַנע שטיוול האָבּן זיך אויסגעטראָטן“. *א, זיך די פֿיס = אַרומגיין, אַרומלויפֿן (און קיין זאַך ניט אויפֿטאָן).
אויסטרעלן — טרוו. טרעל אויס, ~געטרעלט. ← אויסטרילערן. אויסזינגען ווי אַ פֿייגעלע, ציטערדיק, וויבּרירנדיק (מיט קלאַנגען וואָס

דערמאָנען טריל־טריל). א, אַ מעלאָדיע.

אויסטרעלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו
אויסטרילערן זיך ←.

אויסטרעמבּע(נע)ן — אַקוזוו. טרעמבּע
אויס, ~געטרעמבּעט. (גראָבּ) אויספּאַשען דעם
בּויך, מאַכן זיך אַ גראָבּן בּויך. אַרויסשטעלן
דעם בּויך. (וואול) א, דעם פּאָנץ (פּאָנטש).

אויסטרעמפּעווען — אַקוזוו. ־פּעווע אויס,
~געטרעמפּעוועט. אַמ. to tramP: ▯ <.
אויסגיין, דורכגיין, דורכשלעפּן זיך ווי אַ
בּעטלער, וואַגאַבּונד. א, גאַנץ אַמעריקע. א, דאָס
גאַנצע לעבּן.

אויסטרען — דער. מצ נבּ. אַקט פֿון
אויסטרענען.

אויסטרענונג — פּראָצעס אָדער רעזולטאַט
פֿון אויסטרענען.

אויסטרענירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסטרענירן. אַ
לאַנגדויערדיקע א,.

אויסטרענירן — מרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
טרענירט. 1. אויסמושטירן ←. 2.

אויסלערנען עפּעס טאָן (וועגן בעלי־חיים). א, דאָס הינטל צו דערלאַנגען די לאַפּקע, דעם פּאָפּוגײַ צו רעדן. אויך בנוגע אַ קינד: א, דאָס קינד צו זיצן רואיק. 3. אײַנגעניטן עמעצן אין ספּאָרט־פֿאַרמעסטונג. א, דעם באָקסער, די פֿוטבאָל־קאָמאַנדע.

אויסטרענען — טרוו. טרען אויס, ~געטרענט. 1. אויפֿרײַסן דאָס צוגענייטע. אויספּעדעמען, אויסטעפּען. „האָסט שלעכט אַרײַנגענייט דעם אַרבל, טרען אים אויס“. „אַפֿילו דאָס זילבער פֿאַרקויפֿט און גאָלד און זילבער [פֿון די עטרות] אויסגעטרענט און מיט...מישוראַ פֿאַרהעפֿט“, פּרץ. 2. אויסנאַרן, אָפּנאַרן. *א, אַן אַרבל = אויסנאַרן בײַ עמעצן אַ שטעל, זײַן פֿרוי. א, אַ (פֿרוי) = האָבן מיט איר סעקסועלן פֿאַרקער. וואַל.

אויסטרענצלען — טרוו. ־צל אויס, ~ געטרענצלט. אויסבּרענגען (יענעם, זיך) געלט; פֿאַרשווענדן אויף אומנייטיקע זאַכן. אויסבײַטלען, אויסליידיקן (יענעמס פֿאַרמעגן). „זײַן ווײַב האָט אויסגעטרענצלט אַלץ וואָס ער האָט פֿאַרדינט“.

אויסטרענקען — טרוו. טרענק אויס, ~ געטרענקט. [כמעט פֿאַרגעסן אין 20. יה]. מאַכן

אַז אַ צאָל בּאַשׂעפֿענישן זאָלן דערטרונקען
ווערן. דערטרינקען (דערטרענקען) אַ צאָל. א,
אַלע הינטעלעך.
אויסטרעסלען — טרוו. ־סל אויס, ~
געטרעסלט. דזוו אויסטרייסלען ←. „טרעסלט
מען אויס אַלע פושקעס“, ממוס, 'אַ שטאָט
אין מזר□'.
אויסטרעסנען — ־נע אויס, ~געטרעסנעט.
וורר. אוטוו — אויספלאַצן, אַרויספלאַצן מיט
אַ הילכיק קלאַפּעריַי. „די בּאָמבּע האָט
געפּלאַצט און אויסגעטרעסנעט מיט אַ
בּראַזגעריַי“, רייד. טרוו — פלוצעם אויסקנאַלן,
אויסקנאַקן. א, דעם אָנהייבּ פֿון מיליטערישן מאַרש.
אויסטרעסען — טרוו. ־סע אויס, ~
געטרעסעט. וורר, אוקר, מג. אויסליידיקן דורך
אויסשאָקלען. אויסטרייסלען, אויספּראָשען. א,
די קאָלדרעס. א, די זעקלעך מעל (צוקער).
“און גאָט האָט אויסגעטרעסעט די מצרים אין
ים אַריַין„, נפֿתּלי גראָס. *א, די בּרעקלעך =
אויך: גיין צו תּשליך. *א, דעם חמץ פֿון די
קעשענעס = אויך: אויפֿעסן, אויסגעבּן דאָס
לעצטע. *א, עמעצנס קעשענעס = אים
בּאַשווינדלען, צונעמען דאָס לעצטע. *א, די
קישקעס = אויך: אונטעריאָגן בּיַי דער

אַרבעט, צווינגען שווער צו אַרבעטן.
אויסטרעסען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
צעטרייסלט ווערן (בײַם פֿאָרן). „אַז איר וועט
פֿאָרן מיט דעם וועג וועט איר געבוג זיך א'“.
אויסטרעפּ(ק)ען — טרוו. טרעפּ(ק)ע אויס,
~געטרעפּ(ק)עט. אויסרײַסן, צעטראָגן (אַ
מלבוש); אויסטעפּען ←. א, אָ קליידל ווי אַ
שטיק שמאַטע. א, די לאַנגע פּאָלעס.
אויסטרעפּ(ק)ען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
דזוו אויסטעפּען זיך ←.

-

אויסטרעסן — טרווי טרעף אויס, ~געטראָפֿן.
טרעפֿן אַ צאָל (רעטענישן, ענטפֿערס אויף

אויסטשאַמקען

פֿראַגעס). „ריכטיק א, וואָס דער לערער האָט
געפֿרעגט“.

-

אויסטרעסן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ←
דפּוו. אויספּאסירן, געשען פֿאָרקומען. „אַזאַ

—
,
מעשׂה טרעפֿט זיך אויס איין מאָל אין לעבן“.
אויסטרערן — טרער אויס, ~געטרערט.
אַקוזוו — אַרויסלאָזן אַ טרער(ן). א, אַ טרער.
טרוו — 1. אַרויסלאָזן פֿליסיקייט טראָפּנווײַז.
א, דרײַ טראָפּנס פֿון פֿלעשעלע. 2. דורך
טרערן אויפֿטאָן, דערגרייכן, פּועלן. א אַ
,
נדבֿהלע.
אויסטרערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסוויינען זיך, איר.
אויסטרעשטשען — ־טשע אויס, ~
געטרעשטשעט. וורר, אוקר. סל. אוטוו —
אויספּלאַצן מיט אַ קנאָק, טראַסק. „ס'איז געווען
אַזאַ פֿראָסט אַז צווײַגן פֿון ביימער האָבן
אויסגעטרעשטשעט„. טרוו — אויסקלאַפּן,
אויסקנאַקן. א, די ציין.
אויסטשאָבען — טרוו. ־בע אויס, ~
געטשאָבעט. 1. לר, וורר. אויספֿאַרריכטן זאָק(ן);
אויסצירעווען. 2. נייען מיט גרויסע שטעך;
שלעכט אויסנייען. א, אַזוי, מע זאָל דאַרפֿן
צוריק אויסטרענען.
אויסטשאַדען — טרוו. ־דע אויס, ~
געטשאַדעט. 1. אָנמאַכן אַ טשאַד, רויד; פֿאַרסמען

מיט טשאַד. א, די גאַנצע שטוב מיט די קוילן
פֿון פּרעסל. „ווי זיי קוויטשען, די ממזרים, איך
וואָלט זיי אויסגעטשאַדעט“.   2. באַפֿרײַען
פֿון טשאַד. „עפֿן גיכער די פֿענצטער, מע דאַרף
א, די שטוב„..

אויסטשאַדען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויסניכטערן זיך. זײַן פֿאַרכליאָבעט, אָבער דערנאָך
זיך א'. זיך א, פֿון ווילדע געדאַנקען,
גלייבונגען אע.

אויסטשאַטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~

געטשאַטעוועט. אויסלויערן, או סוואַרטן;
אָפּוואַרטן פֿון אַ באַהעלטעניש אויף דעם פּאַסיקן
מאָמענט. „און איך וואַרט איבער אַ ווײַלע...
און טשאַטעווע אויס די מינוט וואָס איך
בלײַב מיט אים אַליין“, שע, טביה.

אויסטשאַטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~

געטשאַטשקעט. וורר. אָפּט מיט ז י ך דזוו
אויסצאַצקען ←.

אויסטשאַכטשעניש — די, ־ן. פּראָצעט פֿון
אויסטשאַכטשען. אַן א אַז עס איז געגאַנגען

,

אַ רויך.

אויסטשאַכטשע(נע)ן — טרוו. ־טשע אויס,

~געטשאַכטשעט. וורר. (לר ~צאַכצענען .
אויסשמײַסן, געבן שמיץ, קלעפּ אַ צאָל (
קינדער פֿאַרזינדיקטע). א, מיט אַ קאַנטשיק, רוט.

,

אויסטשאַכנען — אוטוו. ־נע אויס, ~
געטשאַכנעט. וורר, אוקר. סל. אויסטריקענען,
אויסדאַרן; ווערן שוואַך. בלומען טשאַכנען
אויס אָן רעגן.
אויסטשאָכען — טרוו. ־כע אויס, ~
געטשאָכעט. אָפּט מיט ז י ך. 1. דזוו
אויסטשוכען ←. 2. פּד. צונויפֿנעמען, צונויפֿשטוקעווען
אויף צו לעבן. א, אַ שטיקל חיונה. „האָט
קוים־קוים געקאָנט א, וואַסער אויף קאַשע“,
ייִט, טאָג, 18 1959 I.
אויסטשאַמקען, ~טשאָמקען — טרוו.
־קע אויס, ~געטשאַקעט (~געטשאָמקעט).

אויסטשאַמקען זיך

1. אויסקײַען מיט טשאָמקען מיט די ליפּן,
מיט אַ געהילך. א אַ ביין. 2. אַרויסברענגען

,

ווערטער אומקלאָר, אַזוי ווי מיט אַ פֿול מויל

עסן. קוים א, אָן ציין וואָס מע וויל זאָגן.
אויסטשאַמקען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
רעדן אומקלאָר, מאַכנדיק שטאַרק מיט די ליפּן (קײַענדיק די צונג) און אויפֿהערן.
אויסטשאַסקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געטשאַסקעט. פּד. אויסקלאַפּן, אויסשלאָגן. „אַז זי האָט דיר גערעדט אַ שלעכט וואָרט, האָבֿ איך זי אין מיטן גאַס אויסגעטשאַסקעט אויף אַלע זײַטן“, פּרץ.
אויסטשאָפּקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אויס, זיך ~געטשאָפּקעט. לאָקל (מינסק און קרײַז). אויסבֿאָדן זיך, אויסוווייקן ז□ד, אויספּליעסקען זיך אין וואַסער. זיך א, אין אַ וואַנע, אין טײַכל אע.
אויסטשאַקען, ~טשאָקען — טרוו. ־קע אויס, ~געטשאַ(אָ)קעט. וורר, אוקר. אויסקלאַפּן, אויסהאַקן. א, די גלעזער, די שויבן.
אויסטשאַקען זיך, ~טשאָקען זיך — אוטוו. ← דפּוו. בײַם טרינקען לחיים אָנקלאַפּן אַ גלעזל צו אַ גלעזל. זיך א, מיט אַלעמען, מיט די גלעזלעך.
אויסטשאַראַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~ געטשאַראַפּעט. פּפֿ: ~צאַראַפּען. אויך: ~טשאַראַצען. סל. אויסקראַצן מיט נעגל.

אויסטשאַרעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געטשאַרעוועט. (גאַליציע). 'אויסכּישופֿן, געווינס
בײַ אַ קינדערשפּיל מיט כלערליי מיטלען (מיט
שפּרוכן, מיט דערמוטיקן אע).
אויסטשאַרעווער — דער, ־ס. ווער עס
טשאַרעוועט אויס, ווען אַ פּאָר קינדער שפּילן
זיך.
אויסטשאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~
געטשאָרעט. פּד. אָפּט מיט ז יך. אויסשמירן,
אויסבּרודיקן פֿאַרשוואַרצן. א, די קליידער,
,
פּנימער אאַזוו.
אויסטשובּען — טרוו. ־בּע אויס, ~
געטשובּעט. פּד. סל. אויסשטעכן, אויסרײַסן. א, די
אויגן פֿאַר אַזאַ ליגן.
אויסטשוואַנ(י)ען זיך — אוטוו. ־נ(י)ע זיך
אויס, זיך ~געטשוואַנ(י)עט. אויך: ~
טשוואַנקען. וורר. סל. זײַן פֿאַרריסן, גאווהדיק;
אויסבּאַרימען זיך. זיך א, פֿאַר אונדז מיט דעם
יחוס, מיט קענטעניש אאַ.
אויסטשוואַקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געטשוואַקעט. אויסקײַען מיט טשמאָקען פֿון די
ליפּן. אויסשמאָקצען, אויסשמאָטשקען;
אויסזויגן זאַפֿטיקס בײַם עסן. אויסטשאַמקען בּ 1.

א, דעם מאַרך פֿון די ביינער.
אויסטשוויקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געטשוויקעט. 1. אויסקריפּען, אויסגרילצן. „ווען
ער גייט, טשוויקען די שיך אויס אַ געזאַנג“.
2. (גאַליציע) אויסצופּן, אָפּצופּן, אָפּרײַסן
פּירות. א, דעם גאַנצן גאָרטן.
אויסטשועקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געטשועקעט. אויסקלאַפּן מיט נעגל,
טשועקעס פֿון אויבן איז דער פּאַרקאַן
אויסגע. „
טשועקעט געוואָרן, מע זאָל ניט קענען
אַריבערקריכן“.
אויסטשוכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון

אויסטשוכען (זיך). „דאָס א, איז לענגער ווי
דער שלאָף“.
אויסטשוכע(נע)ן — טרוו. ־כע אויס, ~
געטשוכעט. פּפֿ: ~טשוכנען, ~צוכע(נע)ן.
1. אַרויסברענגען פֿון צושטאַנד פֿון שלאָף,
פֿאַרשלאָפֿנקייט. אינגאַנצן אויפֿוועקן. “מע דאַרף
א, די קינדער, זאָלן זיי זיך אָנטאָן, מיר דאַרפֿן
פֿאָרן„. געוויינטלעך מיט ז י ד: „אַ בת־קול

פֿון הימל וועט אָנקלאַפּן אויף די קבֿרים און
וועט אָנשרײַען: איר שוכ . עפֿר, צוכעט אײַך
אויס און זינגט...,,, נוצ II. ,,ערשט דערנאָך
האָט ער זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, אַ
שטאַרקן גענעץ געטאָן און אַרײַנגערופֿן דאָס ווײַב“,
ממוס, מסעות. 2. אויסניכטערן (זיך).
אָפּטרייסלען נאַרקאָטישן צושטאַנד. ,,גענומען
עפּעס כליפּען, ווי אַ שיכּור וואָס הייבט זיך
אָן אויסצוטשוכען,,, זש, נח פּאַנדרע. ,,נאָכדעם
ווי איר וועט זיך א, פֿון דער נאַרקאָזע“
עמנואל פּאַט. 3. ברענגען צו פֿולער
קלאָרקייט פֿון געדאַנק (נאָכן באַהערשט זײַן פֿון
טרויער, לײַדנשאַפֿט, נאָך שווערער
איבערלעבונג). ,,...צווישן אייגענע וועט זי גרינגער זיך
א, פֿון נאָכן אומגליק מיטן קינד, וואָס האָט
זיך בײַ איר געפֿעלט“, בערג, בײַם דניעפּער I.
אויסטשיסטען — טרוו. ־טע אויס, ~
געטשיסטעט. וורר, אוקר. סל. אויסרייניקן. א,
דעם קוימען, דאָס הויז, די קליידער אאַזוו.
,,געמאַכט אַ שול...אויסגעפֿאַרבט, אויסגעפּוצט,
אויסגעטשיסטעט...מע קומט אַרײַן איז אַ
פֿאַרגעניגן,,, קמ, 4 l868, No.
אויסטשיפּ(י)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אויס, ~

געטשיפּ(?)עט. סל. אויסקנײַפּן. א, שטיקער פֿלייש.
אויסטשיקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~ געטשיקעוועט. אויסשפּיאָנירן, אויסקוקן; אויסלויערן, אויסטשאַטעווען. „מע טאָר זיך דאָ ניט טרעפֿן, די שפּיקעס טשיקעווען אויס דאָס הויז.„
אויסטשיר(י)קען— טרוו. ־קע אויס, ~ געטשיר(י)קעט. אויך: ~טשירטשען.
אויסזינגען ווי אַ פֿייגעלע. עפּעס אויסדריקן דורך קלאַ?. גען (ענלעכע צו) טשיר־טשיר. „דער בלײַערנער טשיזיק פֿון זייגער האָט אויסגעטשיריקעט עלף“, רעסלער, אַמעריקאַנער, ? 57 I .28
אויסטשישטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געטשישטשעט. פּד. דזוו אויסטשיסטען ←.
אויסטשישען — טרוו. ־שע אויס, ~ געסשישעט. פּד. סל. שטיל מאַכן אַ צאָל. א, די קינדער וואָס שרײַען. מע קען ניט א, אַלע מײַלער וואָס רעדן.
אויסטשמאָקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געטשמאָקעט. אויסזייגן מיט אַ געקלאַנג פֿון די ליפּן. אויסשמאָקצען, אויסטשוואַקען. א, די יויך, די ביינער, דעם מאַרך אאַזוו.

אויסטשעכעווען — טרוו. ־כעווע אויס,
~געטשעכעוועט. לאָקל, (וורר). אויך מיט ז י ך.
אויסקראַצן. א, וואו עס בײַסט. זיך א, בײַם
גאָלן.
אויסטשעסל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע
אויס, ~געטשעסל(י)עוועט. דזוו אויסטעסען ←.
אויסטשעפּיעז — ← אויסשטשעפּיען.
אויסטשעפּ◌ען — טרוו. ־פּיִע אויס, ~
געטשעפּיִעט. פּר. אויסטרייסלען, אויסקלאַפּן. א,
אַן איבערבעט, קאָלדרעס, טעפּעך אע.

אויסיאַדען

אויסטשעפּע(נע)ן — טרוו. ־פּע אויס, ~
געטשעפּעט. קינדער־לשון. לד. אָנרירן, שטויסן,
ניט לאָזן צו רו אַ צאָל. „לערער, ער טשעפּעט
אונדז אויס. זאָגט אים ער זאָל זיך
אָפּטשעפּענען פֿון אונדז“.
אויסטשערבען — טרוו. ־בע אויס, ~
געטשערבעט. פּד. אויך: ~שטשערבען.
1. מאַכן שאָרסטיק, אומגלאַט, מיט ריסן,
שפּאַלטן פֿון זון און ווינט זענען אירע ליפּן
„.
און אויגן־ראַמען אויסגעטשערבעט געוואָרן“,

אַש, תּוילים־ייִד. 2. צעשפּאַלטן אַ צאָל כּלים.
אַרויסהאַקן אַ שטיקל פֿון (אַ טעלער, גלאָז).
„בײַם וואַשן זאָלסטו ניט א, דאָס געפֿעס„.
3. אויסלערנען אויף אויסנווייניק. אַרײַנקנעלן.
אויסזובּרעווען ←.

אויסטשערבּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון
זיך ווערן שאָרסטיק, אָדער קריגן שפּאַלטן,
ווערן צעבּראָכן בּײַ די ראַנדן (וועגן כּלים,
געפֿעס).

אויסטשערטען — טרוו. ־טע אויס, ~
געטשערטעט. רוסיצ. אויסצייכענען,
אויסריסעווען. א, אַ פּלאַן פֿון אַ הויז.

אויסטשערפּען — מרוו. ־פּע אויס, ~
געטשערפּעט. 1. אוקר, פּר□ סל. אויסשעפּן. א,
אַ בּרונעם. א, מיט אַ שעפּ. 2. דזוו
אויסטערפּען ←. פּר. דאָ אויך: ~ציערפּען.

אויסטשעש(לעוו)ען — טרוו. ־ש(לעוו)ע
אויס, ~געטשעש(לעוו)עט. פּפֿ: ~
טשעסל(י)עווען. פּד. דזוו אויסטעסען ←.

אויסטשעשען — טרוו. ־שע אויס, ~
געטשעשעט. פּר. דזוו אויסטיעשען ←. אויך מיט
ז י ך.

אויסיאַ'בּעדען — טרוו. ־דע אויס, ~
געיאַבּעדעט. אויך: ~יאַבּעדעווען, ~

יאַבעטן. אוקר, וורר. 1. אַרויסקריגן עפּעס
דורך פֿאַלשקייט (רכילות פֿאַלשע עדות אע).

,

2. אויסמסרן אַ צאָל מענטשן אָדער אין אַ צאָל
פֿאַרברעכנס. א, די קרעמערס אַז זיי האָבן ניט
אַרויסגענומען קיין פּאַטענטן.
אויסיאַ'גדע(נע)ן — טרוו. ־דע אויס, ~
געיאַגדעט. לר. קלייַבן אַלע אַג(ע)דעס פֿון אַ
באַי
שטימטן שטח. א, דעם גאַנצן וואַלד.
אויסיאָגן —, טרוו. יאָג אויס, ~געיאָגט.
1. אויסטרייַבן אין (דורך) אַ צאָל ערטער
אָדער אַ צאָל באַשעפֿענישן. א, די הינט, די
פֿערד. 2. אַרויסטרייַבן, אַרויסיאָגן. אַרכ. „דען
עש איזט איין וועטיר גיוועזן דאָז מאַן קיין
הונט זולטי אויז יאגין„, גה, 102.
אויסיאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסגיין,
אַרומגיין, אַרומטרייַבן זיך איבער אַ צאָל
ערטער. „זיך אויסגעיאָגט נעבעך איבער אַלע
גאַסן און קיין פּרוטה ניט פֿאַרדינט“.
אויסיאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסיאָגן (זיך) פֿון אַזאַ א, פֿאַרלירט מען

. ,,
די כוחות“.

אויסיאָדן — טרוו. יאָד אויס, ~געיאָדט.
אויסשמירן מיט יאָד. א, אַ וואונד, אַ צעקלאַפּטע קני.
אויסיאַדען — טרוו. ־דע אויס, ~געיאַדעט.
אויך: ~יאַדיען, ~יאַדזיען. קריגן עפּעס דורך דערקוטשען, מאַטערן פֿאַרנודיען. א אַ
, ,
פֿוטערנעם מאַנטל.

אויסיאָדערן

אויסיאָדערן — טרוו. ־ער אויס, ~געיאָדערט.
אַרויסנעמען די יאָדערן, קערעלעך. א, פֿלוימען, קאַרשן אע.
אויסיאַוועו — טרוו. יאַווע אויס, ~געיאַוועט.
רוסיצ. אָפּט מיט ז י ך. אויסמעלדן (אין פּאָליציי, רעגירונג־אַמט) עמעצן וואָס פֿאַרלאָזט
אד טלעז
י — טרוו. אַטל אויס, ~געיאַטלט.
ד ס רט. א, גלײַד נאָכן אַוועקפֿאָרן.
י
וואוילינגעריש. מאַכן פֿאַר אַ יאַט, אַ חבֿרהמאַן; מאַכן אויס צעקראָכענער, נעבעכדיקער.
א סי נ ע ז ר

— אוטוו. ← דפֿוו. ווערן

ארײַננ מ צן אין די הענט און אים א,.

־ט

אַן אייגענער צווישן וואוילע־יונגען; זיך
אויסלערנען פֿאַרטראָגן ווייטיקן, קלעפּ. זיך א,
צווישן דער חבֿרה יונגאַטשעס.

אויסיאַטרע(ווע)ן — טרוו. ־ע(ווע) אויס,
~געיאַטרע(ווע)ט. דזוו אויסאייטערן ←. א,
אַ וואונד. פּפֿ: ~יאַטערן.

אויסיאַטרע(ווע)ן זיך —. אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויפֿהערן אַרויסצוגעבן אייטער. זיך
באַפֿרײַען פֿון אייטער. 2. צעפֿוילט ווערן. „די
אָרעמע קאַליקעס האָבן זיך געוואַלגערט אין
הקדש און זיך אויסגעיאַטרעוועט„.

אויסיאַכמערן — ־מער אויס, ~געיאַכמערט.
אוטוו — פּלוצעם אויסברעכן אין קלאָגערײַען,
געוויינען. א, און פֿאַרדולן אַ קאָפּ. טרוו —
1. אויסדריקן (לײַדן) דורך איבערגעטריבענע
קלאָגערײַען, געוויינען, געשרייען. א, דעם
בראָך. 2. (גאַליציע) אויסמאַטערן.

אויסיאַכמערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן קלאָגן אויף אַן איבערגעטריבענעם אופֿן.

אויסיאָכן — טרוו. יאָך אויס, ~געיאָכט.
1. באַפֿרײַען פֿון (אַראָפּנעמען) דעם יאָך, די

משׂא; אַנטשקלאַפֿן, לאָזן פֿרײַ; אויסשפּאַנען.
א, שקלאַפֿן; א, די אונטערדריקטע. 2.
פֿאַריאָכן, אַרונטערוואַרפֿן אונטער אַ יאָך אַ צאָל.
„דאָס הונגעריאָר האָט אויסגעיאָכט די
פּויערים“.

אויסיאָכצ(ע)ן — טרוו. יאָכץ(־צע) אויס, ~
געיאָכצ(ע)ט. 1. אויסקרעכצן, אויסקלאָגן (בײַ
לײַדן צרות אדגל). א, דעם ווייטיק, די
קרענקעניש. 2. אַרויסבּרענגען פֿרייד,
באַגײַסטערונג דורך קרעכצענישן, געשרייען. א, די
התפּעלות.

אויסיאָכצעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסיאָכצ(ע)ן. אַן אויסקרעכצעניש און אַן
א אַזש ווי אויפֿן ריינעם־אָרט.

,

אויסיאָלדעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געיאָלדעוועט. אויסנאַרן; מאַכן צום נאַר, פֿאַר
אַ יאָלד. א, בײַ עמעצן דאָס גאַנצע געלט. א,

א פֿ

ל וועןד

—, טרוו. ־קעווע אויס, ~
געמ צ אר לײַטן אין די אויגן.
ק

יאָלקעוועט. נעאָל. אויספּוצן מיט אַ יאָלקע, אַ ניטל־בּיימל. איר. „ייִדן וואָס יאָלקעווען אויס זייערע הײַזער רעדן זיך אײַן, זיי האָבּן אַ חלק אין ווײַנאַכטן„, רייד.

אויסיאָמער — דער. מצ נבֿ. נעאָל. אַקט פֿון אויסיאָמערן. דאָס ווייטיקדיקע אויסשרײַען. „ווי לאַנג דער שיעור אין שרעק צו וואַכן? ווי לאַנג מײַן א, אין טויזנט שפּראַכן?„, מאָל, דוד המלך...

אויסיאָמערן —־ טרוו. ־ער אויס, ~ געיאָמערט. אויסקלאָגן, אויסשרײַען; אויסדריקן

256

צרות דורך בּיטער געוויין. א, די לײַדן, דעם ווייטיק, דאָס בּיטערע געמיט אאַזוו. „דער קרבּן האָט שוין אויסגעיאָמערט אַלע טרערן“, הל, טמז, 19 l958 I. „אַלע ווערטער אויסגעיאָמערט, אויסגעקלאָגט מײַן לעצטע טרער. כ'בּין אַ לעכערדיקער לאָגל אין דער מדבּר — טרוקן, לער“, הר, מײַן לעצטע נסיעה.

אויסיאָנצן — טרוו. יאָנץ אויס, ~געיאָנצט. אויסנאַרן, איבּערקליגן, אַרויסקריגן דורך אַ שווינדל. א, די פּאָר גראָשנס, דעם נדן.

אויסיאָפּען, ~יאַפּען — ־פּע אויס; ~
געיאָפּעט, ~געיאַפּעט. אוטוו — אָנהייבן
העשען, שווער אָטעמען, כליפּען. „דאָס קינד האָט
אויסגעיאָפּעט און דערנאָך זיך צעוויינט„. טרוו
— דורך העשען, כליפּען אויסדריקן עפּעס. א,
דעם עלנט, שרעק אאַ.
אויסיאָקטערן — טרוו. ־טער אויס, ~
געיאָקאוי יאָקלעז
לן. (גנבֿים־שפּראַך).
אויס סרוו. ־קל אויס, ~געיאָקלט.
ט רט. שפּאָטוואָרט: אויסדאָקטערן.

אויך: ~יאָקע
בּרעכן אַ פֿענצטער, אַ טיר.
אויסיאַרידעווען — ← אויסירידעווען.
אויסיאָריקן — טרוו. ־יק אויס, ~געיאָריקט.
האַלטן, האָדעווען אַ בּהמה בּמשך פֿון אַ יאָר.
א, הינער. א, אַ קאַלבּ און שפּעטער עס
פֿאַרקויפֿן.
אויסיאַרליקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~געיאַרליקעוועט. אוקר. סל. (סוחריש)
אויסקלעפּן צעטעלעך (מיט פּרײַזן פֿון סחורה).
א, רעשטלעך מיט נידעריקע פּרײַזן.
אויסיאָרן — אוטוו. יאָר אויס, ~געיאָרט. לר.

אָפּזײַן, פֿאַרבלײַבן (אין אײן אָרט) אַ גאַנץ יאָר. דערציִען ביזן סוף יאָר. ווי ניט איז א„ אָבער דערנאָך אַוועקפֿאָרן.

אויסיג — גנ. שטאָט אין בעמען, טשעכאָסלאָוו ▯ ובלעז

— טרוו. יובל אויס, ~געיובלט.

א ײַ. 1,400 — 1926 ייִדן (צווישן ▯),▯).

אדי

הילכיק אַרויסברענגען פֿרייד, באַגײַסטערונג; אויסשאַלן. מיט עקסטאַז דורכפֿירן יום־טובֿ, פֿײַערונג. א, דעם נצחון, דעם יום־טובֿ פֿון זעלבשטענדיקייט.

אויסיובקען — טרוו. ־קע אויס, ~געיובקעט. אויך: ~יאָבקען. וואול־ אויסשילטן, אויסזידלען מיט די מיאוסטע ווערטער.

אויסי▯בֿלען — [...יויוולעח יובֿל [יויוו▯] אויס, ~געיובֿלט. אַקוזוו — דורכלעבן 50 יאָר, אַ יובֿל. „שוין אויסגעיובֿלט פֿופֿציק יאָר מיט מײַן אַלטיטשקע(ר)“. טרוו — פֿײַערן אַ יובֿל אָדער יעדער מין יובילײ. א, דעם 50־יאָריקן געבורטסטאָג. א, 25 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט.

אויסיוונען — [...יאָ'וועגען] אַקוזוו. יוון [יאָוון]

אויס, ~געיוונט, [...יאָוונט]. דורכלעבן ווי אַ זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי. „ער האָ ט שוין ווי ניט איז אויסגעיוונט די פֿינף פֿאַרשאָלטענע יאָרן“. [אויך טרוו — געווינען אין קאָרטן].

אויסיוטשען — אוטוו. ־טשע אויס, ~ געיוטשעט. וורר. אויסכריוקען, אַרויסברענגען קלאַנגען ווי אַ חזיר.

אויסיויזלען — טרוו. ־זל אויס, ~געיויזלט. לר. אויספֿאַרקויפֿן פּאַטשערקעס, צלמימלעך (און אַנדערע זאַכן וואָס האָבן אַ שײַכות צום

.

אויסיורשן

קריסטלעכן גלויבן); פֿאַרדינען דורך האַנדלען מיט דעם מין סחורה. „פֿע, אַ ייִד מיט אַ באָרד און יויזלט אויס צלמים!“.

אויסיויזלען זיך — אוטוו. ← דפּוו.

פֿאַרענדיקן זיך צלמען, בעטן אין אַ תּיפֿלה. זיך א, און אַוועק אין שענק.

אויסיויכצ(ע)ן — טרוו. יויכץ(־צע) אויס, ~געיויכצ(ע)ט. דזוו אויסיאָכצ(ע)ן ←. דורך געשריי, קרעכצענישן, אויסדריקן פֿרייד אָדער

צער. א, דעם טרויער, די הנאה אאַ.

אויסויכצ(ע)ן זיך — אוטוו. ←דפֿוו.
פֿאַרענדיקן יויכצ(ע)ן, קרעכצן, שרײַען פֿון פֿרייד אָדער ווייטיק.

אדיסיוירונג — די, ־ען. פּפֿ: ~יערונג.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסיוירן.
גיכע, פּאַמעלעכע א'.

אויסיוירן — יויר אויס, ~□ עיוירט. וורר, אוקר, מג, לר. ← פּפֿ: ~יערן.

אוטוו □ 1. פֿאַרענדיקן פּראָצעס פֿון פֿערמענטירן, יוירן וויפֿל עס איז נייטיק; פֿאַרזײַערן. „דאָס טייג האָט שוין אויסגעיוירט, עס לויפֿט אַזש אַריבער די מולטער„. 2. אויסבּרויזן, אַרויסרײַסן זיך (וועגן שטאַרקע געפֿילן). „דער צאָרן פֿון המון האָט אויסגעיוירט אין ווילדע געשרייען.....„.

טרוו — דורכן פּראָצעס פֿון פֿערמענט □ רן שאַפֿן אַ פּראָדוקט. א, ווײַן, מעד, טייג. „וואָס פּאַמעלעכער און וואָס לענגער מע יוירט אויס מעד, אַלץ שטאַרקער ווערט ער“.

אויסיוכען — ־כע אויס, ~געיוכעט. אוטוו — אַרויסווײַזן גרויסע אויפֿרעגונג, כעס, צאָרן (פּלוצלינג און מיט כוח). „ער האָט ניט

געקאָנט אײַנהאַלטן זײַן פֿאַרקאָכטע יוכע, ער
האָט געמוזט א, און זיך וואַרפֿן שלאָגן“.
טרוו — עפּעס אַרויסברענגען אין גרויס
אויפֿרעגונג, צעקאָכעניש. א, די אָבידע (←). א,
דעם צאָרן.
אויסיוכען זיך — אוטוו. ← דפּוו. זיך
באַרואיקן נאָכן זײַן זייער אויפֿגערעגט, צעקאָכט.
אויסיום־טובֿן — [...יאָנטעוון] טרוו. יום־טובֿ
אויס, ~געיום־טובֿט. 1. דורכפֿירן יום־טובֿ
אויף אַ געהעריקן שטייגער, אויספּײַערן. „איצט
יום־טובֿט מען אויס חנוכּה מיט אַ סך מער
פֿאַראַד ווי אַמאָל“. 2. פֿאַרענדיקן יום־טובֿן.
“שוין אויסגעיום־טובֿט די פֿ .ילעכע טעג,
איצט קומט די גרויע וואָך„.
אויסיונגאַטשע(ווע)ן — טרוו. ־טשע(ווע)
אויס, ~געיונגאַטשע(ווע)ט. עפּעס
דערגרייכן דורך ווילדקייטן, ייִנגלשע שטיק,
יונגאַטשערײַען. „ניט בײַ מאָטיען! בײַ מיר
וועסטו קיין זאַך ניט א,!“.
אויסי עצן — [...יוי'עצן] טרוו. יוֹעץ אויס,
~געיוֹעצט. געבן עצות אַ צאָל מענטשן
אָדער וועגן אַ צאָל ענינים. אויסעצהן. איר
בײַטעם. א, ווי צו פֿירן געשעפֿטן.
אויסיוקן — אוטוו. יוק אויס, ~געיוקט. לר.

(זאַמעט אאַ). שמאַרצן, בײַסן אין אַ צאָל ערטער. „באַשמיר מיט אַ זאַלב אַלע ערטער וואָס יוקן אויס„.

אויסי􏰀רשן — [...יוי'רעשן] טרוו. יוֹרש אויס, ~געי􏰀רשט. ווערן אָ יוֹרש פֿון אַ צאָל (מענטשן, דורות). אויסירשענען. איר בײַטעם. „פֿון אָבֿות אבֿותיו האָט ער אויסגעי􏰀רשט

אויסיושען (זיך)

מורא פֿאַר הינט און חניפֿה פֿאַר שטאַרקערע“, רייד.

אויסיושען (זיך) — ־שע אויס, ~געיושעט.

דזוו אויסיוכען ←, נאָר שוואַכער.

אויסיהוסן זיך — [...יי'כּעסן] אוטוו. יחוס זיך אויס, זיך ~געיחוסט. פּפֿ: ~י􏰀הוסן. זיך גרייסן, זיך אויסבאַרימען, זיך אויסשטעלן (מיטן אָפּשטאַם, משפּחה) פֿאַר אַלע זײַנע „.

פֿרײַנד יחוסט ער זיך אויס מיט בײדע זיידעס“.

אויסיהסנען זיך — [יאַכ'סענען] אוטוו. יחסן זיך אויס, זיך ~געיחסנט. דזוו􏰀 או􏰀 סיחוסן זיך ←.

אויס־יִ□ד — דער, ־ן. ווער עס איז געוואָרן
אויס ייִד, איז מערניט קיין ייִד. „...אַלערליי
משומדים, פּאַטאָלאָגישע ייִדן. אויס־ייִדן און
צוריק־ייִדן“, יג, איק, 14 □ 1957 I.

אויסי□דישונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסייִדישן: א) מאַכן מער
ייִדיש, פֿאַרשטאַרקן ייִדישקייט. „דאָס געהערן
צו אַ קאָנגרעגאַציע איז נאָר איינער פֿון די
סימנים פֿון א'“, ימ. בּ) מאַכן ווייניקער ייִדיש,
אָפּשוואַכן ייִדישקייט. „זייער וועג גייט ניט אין
דער געזונטער ריכטונג, נײַערט אין די טריט
פֿון מערבֿ־אייראָפּעאישן ייִדנטום. וואוהין? צו
א,“, א. גאָלאָמבֿ, אַ האַלבֿער יה. וִידישע
דעד□יִו[ג.

2. מאַכן „ייִדן־ריין„, דורכן פֿאַרטרײַבן
ייִדן פֿון אַן אָרט אין געטאָס אָדער אין
אַרבֿעט־לאַג□רן; אומבֿרענגען, אויסראָטן ייִדן פֿון
אַן אָרס. א, אין דער חורבֿן־תּקופֿה. □די א,
פֿון אונדזער געגנט איז צוגעגאַנגען זייער
גיך“, פּסח קאַפּלאַן, ,דער חורבֿן בּיאַליסטאָק„,
1943 נבֿלומ). „רעגירונגס־קאָמיסאַר פֿאַר דער
א, פֿון די אָנגעשטעלטע„, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן.

אויסי□דישן — טרוו. ־דיש אויס, ~געייִדישט.

1. מל זײַן אַ צאָל. „מע האָט אין ישׂראל אויטגעייִדישט די ייִנגלעך וואָס זײַנען געקומען פֿון פּוילן און וואָס מע האָט זיי ניט מל געווען אין די מלחמה־יאָרן“. 2. מאַכן פֿאַר מער ייִד, פֿאַרשטאַרקן ייִדישקייט. פֿאַרייִדישן. א, די אָפּגעפֿרעמדטע אינטעליגענציע. א, די היים מיט ייִדישע בּיכער, בּילדער און אייגענער פֿאָלקס־מוזיק. „מע קאָן אַלץ גוט מאַכן...מע דאַרף נאָר א', דאָס הייסט אויך אויסקריסטלעכן די וועלט“, פּרץ. 3. מאַכן עס זאָל אויסזען מער ייִדיש. „...נײַע דראַמען...קונציק איבּערגעניצעוועט, בּריהש איבּערגעאַרבּעט, צוגעפֿיקסט און אויסגעייִדישט אַזוי, אַז מע זאָל מכּות דערקענען פֿון וואַנען דאָס שטאַמט„, שע, בּלאָנדזענדע שטערן.

4. בּאַפֿרײַען פֿון ייִדישער השפּעה, פֿון ייִדן. „...ווערט פֿעסטגעשטעלט דאָס פּאָליטישע פּראָגראַם פֿון פֿאַרפּוילישן די שטעט און א, דעם האָנדל„, פּרץ. 5. מאַכן פֿאַר ווייניקער ייִד, אָפּשוואַכן ייִדישקייט, אַנטייִדישן (נעאָל פֿון א. גאַלאָמבּ, האָלץ־אינדוסטריאַל, 1953).

אויסי□דישן זיך — אוטוו. ייִדיש זיך אויס, זיך ~געייִדישט. 1. ווערן אַליין, אָדער פֿון

זיך, מער ייִד, ייִדיש (אָדער ווייניקער ייִד, ייִדיש). „דער גר האָט זיך אינגאַנצן אויסגעייִדישט“. 2. לויטן אויסזען, לויטן לשון

ווערן מער ייִד. פֿאַרלאָזן באָרד און פּאות און זיך א,.
3. אַוועקוואַרפֿן ייִדיש פֿאַרוואָס שיקט מען
„.
פֿון ירושלים צו די ייִדישע ייִדן מאַטעריאַל דווקא נישט אויף ייִדיש? פֿאַרוואָס וויל מען זיי זאָלן זיך א'!„, א. גאָלאָמבּ, היימיש, No 6 (17).

אויסי — ← אויסיחוסן.

אויסין זיך — אוטוו. ־גל זיך אויס, זיך ~געייִנגלט. 1. ווערן אויס קינד און מער ייִנגל. דורכמאַכן דעם פּראָצעס פֿון ייִנגלען זיך. „ער האָט זיך שוין אָפּגעריסן פֿון דער מאַמעס פֿאַרטעך, שפּילט זיך מיט חבֿרה און ייִנגלט זיך אויס“.
2. ווערן אויס ייִנגל, ווערן אַ דערוואַקסענער. „דאַרפֿסט זיך שוין א, און העלפֿן טאַטעמאַמע אין דער פּרנסה“.

אויסי□רן — ייִר אויס, ~געייִרט. אין אַ צאָל רר פֿון וור, אוק (מאָזיר, טשערעווען, פּאָלטאַווע). דזוו אויסיוירן ←, אויסיערן.

אויסייִשובֿן (זיד) — [...יי'שעוון] אוטוו.

ייִשובֿ (זיד) אויס, (זיך□ ~געייִשובֿט. אויו: ~ישובֿן (זיד). זיך האַלטן עצות מיט אַ צאָל מענטשן אָדער וועגן אַ צאָל ענינים. „מע קען (זיך) א, מיט אַלע פֿרײַנד, מע דאַרף זיך פֿאַרלאָזן נאָר אויף גוטע פֿרײַנד„, שוו. “יעדער געשעפֿט פֿאָדערט ייִשובֿ־הדעת. אַז מע ייִשובֿט זיך ניט אויס, דערלייגט מען געלט„, י. טרובּניק, זשאַרגאָן לערער, וואַרשע 1886.

אויסי□תורן — [...יי'טערן] טרוו. ייִתּור אויס, ~געייִתּורט. אויך: ~יתורן. בײַם צושנײַדן אויסקאָמבּינירן, עס זאָל בּלײַבּן פֿאַרן שנײַדער אַ שטיקל שטאָף. א אַ היטל, אַ לײַבּל.

,

אויסיכלען — [...יאָכלען] יכל דאָכל] אויס, ~געיכלט. לר. (קאָוונע). אוטוו — קענען פֿאַרשיידענע זאַכן. „אַזאַ בּריה, אַזעלכע גילדענע הענט! וואָס יכלט ער ניט אויס!„. טרוו — קונציק דערגרייבן עפּעס. א, אַ פֿאָרטל, אַ פּלאַן, אַ נײַעם אופֿן אַרבּעטן.

אויסיללה(נע)ן — [...יעלאָ'לען] יללה אויס, ~געיללהט. אוטוו — פלוצעם, מיטאַמאָל אויסשרײַען, אַרויסלאָזן אַ געוויין, יללה. „אין מיטן נאַכט יללהט אויס אַ קינד און אַלע נעמען זיך עס אײַנשטילן“. טרוו — דורך געשריי, געוויין עפּעס אויסדריקן. א, דעם ווייטיק, דעם שרעק אאַזוו.

אויסיסורימען — [...ייִסו'רימען] אצ, אימפּ נב. ~געיסורימט. אוטוו — דורכלעבן אַ סך יסורים, ווייטיקן. „וויי־וויי, וואָס זיי האָבן שוין אויסגעיסורימט אין זייער ביטער לעבן!„.. טרוו — עפּעס דערגרייכן דורך יסורים, ווייטיקן. „דאָס ביסעלע נחת וואָס מע וועט א, נאָך יאָרן ציטערן איבער די קינדער„, רייד.

אויסיעגערן — טרוו. ־גער אויס, ~געיעגערט. מג. וואול. קינדער־לשון. צוזאַמען מיטן שטולגאַנג אַרויסברענגען עפּעס פֿון קערפּער. א, אַ קנעפּל וואָס מע האָט אײַנגעשלונגען.

אויסיעטן —, טרוו. יעט אויס, ~געיעט (אויו: ~יעטען, קיִעווער ג,). אויסרײַסן, אויסצופּן, אויספּאָלעווען גראָזן (וואָס זײַנען שעדלעך פֿאַרן פֿאַרזיי אָדער פֿאַרפּלאַנץ). א, דאָס ווילדגראָז. א, די בייטן, דאָס פֿעלד. ‏אין אַ וואָך אַרום מוז ער דעם גאָרטן א, נאָך אַ

אויסיתורן

מאָל“, חייס פּעט, אַ הויז אויפֿן פֿעלד. „די קריטיק טײַט מיטן פֿינגער אויף דיווילדע גראָזן וואָס דאַרפֿן אויסגעיעט, אויסגעוואָרצלט ווערן...אין דער ליטעראַטור„, שנ, וועגן יודישע שרײַבער II. אויך פֿיג: „מיר האָבן אויסגעיעט רציחה דורך דורות גלויבן אין אחד“, פֿײַנ, צוק, מאַרץ 1956.

אויסיעלה(נע)ן — [...יאַילען] אוטוו & טרוו. יעלה אויס, ~געיעלהט. דזוו אויסיללהן ←.

אויסיענטע(נע)ן — ־טע אויס, ~געיענטעט. אוטוו — אויסטענהן, אָנריידן זייער אַ סך. „וואָס די ייִדענע קען א', זי האָט נײַן מאָס רייד„. טרוו — אויסקליאַנטשען, אויסבעטן עפּעס; דערגרייכן דורכן צושטיין, שטאַרקן מאָנען. „זי האָט אויסגעיענטעט מע זאָל זי אַרײַננעמען אין שפּיטאָל“, רייד.

אויסיענטשע(נע)ן — ־טשע אויס, ~ געיענטשעט. וורר. אוטוו — פּלוצעם, מיטאַמאָל זיפֿצן, קרעכצן. טרוו — אויסזיפֿצן, אויסקרעכצן. „וואָס יענטשעסטו אויס דײַן פֿאַרדראָס?“.

אויסיענצן — טרוו. יענץ אויס, ~געיענצט.
וואול. טרײַבן זנות; אויסנוֹאפֿן.
אויסיעקן — טרוו. יעק אויס, ~געיעקט.
< פּרײַסישער ד,? אויסלאַכן, אָפּשפּאָטן פֿון
אַ צאָל אויף אַ בײיזוויליקן, אומאײדעלן אופֿן.
א, שלעכטע מידות, אָבער ניט א, מענטשן.
אויסיערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסיערן. ← אויסיוירונג.
אויסיערן — אוטוו & טרוו. יער אויס, ~
געיערט. פּר, מעג. דזוו אויסיוירן ←. אויו:
~אירן, ~י□רן.
אויסיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז ניטאָ, פֿעלט.
א'ע שטאָפֿן.
אויסיקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל. ניטאָאיקייט,
אומרעאַלקייט. „אויפֿן שוועל פֿון א'“, ווײַטער.
אויסיקרנען — [...יאַ'קרענען] טרוו־ יקרן
אויס, ~געיקרנט [...יאַקרענט]. אויסבעטן צו
הויכע פּרײַזן. א, די סחורה אַז קײנער זאָל
זי ניט ווען קויפֿן.
אויסירידעווען — [...יאַרי'דעווען] טרוו.
ירידעווע אויס, ~געירידעוועט. אויך: ~
יאַרידעווען. פֿאַרדינען דורכן זײַן אויף אַ
יריד. „איר וועט שוין קײן זאַך ניט א', לאָמיר
בעסער פֿאָרן אַהײם„.

אויסירשע(נע)ן — [...יאַרשענען] טרוו. ירשן (ירשע) אויס; ~געירשנט (~געירשעט).
קריגן ירושה פֿון אַ צאָל פֿאַרשיידענע מינים
,
ירושה. בלייַבן דער איינציקער פֿון אַ גרויסער משפּחה און א, פּעטערס און מומעס.
אויסישבֿע(נע)ן — [...יאַ'שווענען] ישבֿע (ישבֿן) אויס, ~געישבֿעט (~געישבֿנט). אוטוו — אויסזיצן אין תּפֿיסה אַ צאָל יאָרן. א, גאַנצע צען יאָר. טרוו — עפּעס אויפֿטאָן דורך זיצן אויף איין אָרט. „וואָס ווּעסטו א, אין דעם קליינעם שטעטל? שוין בעסער צו עמיגרירן קיין אַמעריקע„, פּב.
אויסישבֿע(נע)ן זיך — ← דפֿוו. זיך אויסזעצן, איר, מיט ביטול. „זע נאָר ווי זיי האָבן זיך אויסגעישבֿעט אויבנאָן„..
אויסישובֿן זיך — ← אויסיִישובֿן זיך.
אויסיתורן — ← אויסיִתּורן.

אויסכּוונהן

אויסכּוונהן — [...קאַוואָ'נען] אַקוזוו. כּוונה אויס, ~געכּוונהט. זן. אויסרעכענען, אויסגעפֿינען עמעצנס כּוונות, מיינען, פּלענער.

„מיר קענען ניט אַ, זײַנע כוונות, ווײַל ער זאָגט אונדז קיין זאַך ניט אויס“, רייד.

אויסכוסע(נע)ן — [...קויסענען] סרוו. כּוסע אויס, ~געכּוסעט. אויסטרינקען אַ צאָל כּוסות (בראַנפֿן). אַ, די גאַנצע פֿלאַש בראַנפֿן.

-

אויסכזבֿנען — [...קאַזווענען] טרוו. כּזבֿן אויס, ~געכּזבֿנט [...קאַזוונט]. אויסליגנערן, זאָגן אַ סך (בלויז) ליגנס. אַ, די גאַנצע מעשׂה פֿון אָנהייב ביסקל סוף פֿרגל אויסכּיזובֿן.

.

אויסכּיבֿודן — [...קי'בעדן] טרוו. כּיבוד אויס, ~געכּיבודט [...קי'בעט]. אויסטיילן דעם גאַנצן כּיבוד (וואָס איז געווען אָנגעגרייט). אַ, אַלע פֿלעשער מעד און דעם גאַנצן לעקעך.

אויסכּיזובֿן — [...קי'זעוון] טרוו. כּיזובֿ אויס, ~געכּיזובֿט. אויסטראַכטן גרויסע ליגנס; אויסכּזבֿנען ←.

אויסכּינימען — [...קי'נעמען] טרוו. כּינים אויס, ~געכּינימט. לר. אויך מיט זיך. נעאָל [אויפֿגעקומען בעת דער ערשטער וועלטמלחמה וו אַן איבערזעצונג פֿון דעמאָלט פּאָי

פּולערן דײַטשישן וואָרט entlausen].

אויסלײַזן, אַנטלויזן, דעזינפֿיצירן. „אַז מיר זײַנען
אָנגעקומען פֿון רוסלאַנד, האָבן די דײַטשן
אונדז אויסגעכּינימט“, פּבֿ, 1917.

אויסכּיסלערן — [...קי'סלערן] טרוו. כּיסלער
אויס, ~געכּיסלערט. < כּיס = קעשענע;
כּיסלער = קעשענע־גנבֿ. (גנבֿים־לשון)
אַרויסגנבֿענען פֿון קעשענע(ס). א אַ בײַטל, אַ זייגערל.
,

אויסכּישוסונג — [...קי'שעפֿונג] די, ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסכּישופֿן. אַן
א, מיט פּרעפּלערײַען און אַלערליי
צויבערשפּראָכן.

אויסכּישוסן — [...קי'שעפֿן] טרוו. כּישוף
אויס, ~געכּישופֿט. 1. דערגיין עפּעס,
אויפֿטאָן מיט דער הילף פֿון כּישוף, מאַגישע
מיטלען. „די חרטומי מצרים האָבן אויסגעכּישופֿט

די זעלביקע וואונדער וואָס עס האָט געטאָן
אַהרנס שטעקן". 2. דערגרייכן
וואונדערלעכע עפֿעקטן מיט קינסטלערישע מיטלען.
„דאָס
פֿידעלע כישופֿט פֿאַר אונדז אויס אַ
פֿאַנטאַסטישע מעשׂה"; „דער קינסטלער כישופֿט אויס
מיט זײַן פּענדזל אַ גן־עדן פֿון פֿאַרבן".
אויסכלבֿטען — [...קלאַפּטען] טרוו. כלבֿטע
אויס, ~געכלבֿטעט. < כלבֿטע = צויג.
אַרויסקריגן עפּעס אויף אַ הינטישן, מיאוסן אופֿן.
„זי האָט זיך אויסגעכלבֿטעט אַזאַ מזל ווי זי
איז עס ווערט", רייד.
אויסכלבֿן זיך — [...קע'לעוון] אוטוו. כלבֿ זיך
אויס, זיך ~געכלבֿט. אויסבילן זיך.
אַרויסווײַזן שלעכטע, הינטישע נאַטור. „ער האָט
אונדז געסטראַשעט, געשריִען, זיך אויסגעכלבֿט,
אָבער מיר לאַכן פֿון אים", רייד.
אויס כלה — [...קאַלע] פֿראַזע. אויסדרוק
בײַם אָפּברעכן תּנאָים, בכלל בײַם קומען
ווידער צום פֿריִערדיקן צושטאַנד, מעמד. „אויס
כלה — ווײַטער (ווידער) מויד", פֿוול.
אויסכלהן — [...קאַלען] טרוו. כלה אויס, ~
געכלהט. לר. אויסשטאַטן מיט אויסשטײַער און

מיט נדן. „דער רײַכער פּעטער האָט זי
אויסגעכּלהט אין עסיק און אין האָניק“.
אויסכּלהן זיך — [...קאַלען] אוטוו. ← דפּוו.
1. זיך גרייטן, וועלן ווערן אַ כּלה. 2.
אויספּוצן זיך אויף אַ שרײַאיקן אופֿן. “זינט די
עלטערע איז געוואָרן אַ כּלה, כּלהט זיך אויס
אויך די ייִנגערע, זי שמירט זיך און שטייט
שעהן־לאַנג פֿאַרן שפּיגל“.
אויסכּלומרשטן — [...קלוי'מערשטן] אוטוו.
כּלומרשט אויס, ~געכּלומרשט. מאַכן אַן
אָנשטעל (אַז מען איז אַנדערש, אַן אַנדערער ווי
מען איז); פּרעטענדירן. „מע האָט אים ערשט
נעכטן אַרײַנגענומען אין פֿאַראיין, און הײַנט
כּלומרשט ער שוין אויס אַז ער איז דער
גאַנצער מאַכער“, רייד (אַנעווע, ליטע).
י
אויסכּסדרן — [...קעסיי'דערן] טרוו. כּסדר
אויס, ~געכּסדרט. (סוחריש) אויססדרן לויט
דער גרייס. א, די קרעלן (די שטיינער) נאָך
זייער גרייס נאָך.
אויסכּעסן — [...קאַ'אַסן] כּעס אויס, ~
געכּעסט. אוטוו — פּלוצעם ווערן אין כּעס. א,

און אויסשרײַען. טרון — אַרײַנבּרענגען אין
כּעס, דערצערנען. "לאָמיר רעדן מיט אים, מע
טאָר אים ניט צו שטאַרק א'".
אויסכעסן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. ווערן
אין כּעס אָדער אַ כּעסן; אַרײַנקומען אין אַן
אויפֿגערעגטן צושטאַנד. 2. אויפֿהערן זײַן אין
כּעס, זיך בּאַרואיקן. „דער רעגנשטורעם איז
געוואָרן אײַנגעהאַלטענער און בּיסלעכווײַז זיך
אויסגעכּעסט", הר, הרודעס.
אויסכעסנען — [...קײַ'סענען] טרוו. כּעסן
[קײַסן] אויס, ~געכּעסנט [...קײַסנט].
אויפֿרעגן; מאַכן עמעצן פֿאַר אַ כּעסן דורכן רייצן
זיך מיט אים. „די קינדער האָבּן אים אַזוי
אויסגעכּעסנט, אַז ער האָט גענומען וואַרפֿן
שטיינער".
אויסכּפֿלען — [...קייפֿלען] טרוו. כּפֿל אויס
~געכּפֿלט. מערן אויף אַ צאָל מאָל,
מולטיפּליצירן עטלעכע, אַ סך צאָלן. א, די
זעלבּיקע צאָל פֿיר מאָל אויף זיך הייסט בּרענגען
אין דער פֿערטער מדרגה".
אויסכּשרן — [...קאַ'שערן] טרוו. כּשר אויס,
~געכּשרט. 1. (פֿאַרענדיקן) כּשר מאַכן.
„איצט בּלייַבּט נאָך איבּער צו טובֿלען דאָס
גלאָזוואַרג אין דער קרעניצע און עס א, אויף

פסח". "דאָס פֿלייש האָט זיך שוין געווייקט און זיך געזאַלצן, מיר האָבן עס שוין אויסגעכּשרט". „און אַ צינערנע אָדער אַ קופּערנע כּלי זאָל מען א'", ספֿר היראה, 1877. „אַז איך פּרעגל פּסחדיקע שמאַלץ, ווערט בײַ מיר אין מיטן חנוכּה פּסחדיק אין שטובֿ. דעם אויוון כּשר איך אויס", שע. *א, די מקווה = אויסרייניקן; נאָכקאָנטראָלירן, צי עס ווערן אָפּגעהיט אַלע דינים וועגן מקווה (וועגן דער גרייס, דעם וואַסער אאא). 2. אויסרייניקן פֿון יעדער מין טרייפֿקייט, פֿון דעם וואָס קען קאָמפּראָמעטירן. א, די שטובֿ (פֿון אומלעגאַלער ליטעראַטור, פֿון סחורה וואָס מע האַנדלט מיט איר אָן אַ פּאַטענט, פֿון געגנבֿעטע זאַכן).

„מע זאָל א, אונדזער ייִדנטום פֿון די אַלע אומריינע מנהגים", ייִפֿאָל, 50 1882, No.

אויסכּשרס — [...קאַ'שערס] דאָס. מצ נבֿ. (קצבֿיש) אינגעווייד, קישקעס מיט חלבֿ אַרום,

אויסכאַטולען

וואָס ווערט אויסגעשניטן און געווײַנטלער אַרויסגעוואָרפֿן.

אויסכּתבֿ(ע)נען — [...קאַ'סוועגען] טרוו.

כּתבֿע, כּתבֿן [קאַסווע, קאַסוון] אויס, ~
געכּתבֿעט, ~געכּתבֿנט. איר וועגן אויסשרײַבן.
שלעכט, גיך אויסשרײַבן. „כּתבֿע שוין אויס
דאָס צעטעלע, ווי לאַנג געדויערט עס בײַ
דיר?“.

ויסכּתיבֿה(נע)ן — [...קסי'וועון] טרוו. כּתיבֿה
אויס, ~געכּתיבֿהט. אויסשרײַבן מיט
ספּעציעל שיינע אותיות, מיט געדרוקטע אותיות,
מיט רשי־כּתבֿ אָדער אין סופֿרים־סטיל. „דער
זיידע האָט אויפֿן אַלטן ספֿר קונציק
אויסגעכּתיבֿהט: הספֿר הזה שייך...“. „איבער די מזלות
וואָס אויפֿן עמוד, האָט ער אויסגעכּתיבֿהט מיט
גרויסע אותיות: 'דע לפֿני מי אַתּה עומד',, פּ.

רודאָי, טמז, 2 III 1959. „א, אַ וואָרט נעמט
דאָך צײַט“, מוו, שוואַרצע פּינטעלעך. „זײַן
גראַפֿאָמאַניע איז באַשטאַנען אין א, רוסישע
בוכשטאַבן,,, אפֿא, טמז, 19 XII 1960.

אויסכּתרן — [...קע'סערן] טרוו. כּתר אויס,
~געכּתרט. זן. אויספּוצן ספֿרי־תּורות מיט
קרוינען. „עס איז איבערגעבליבן געלט נאָכן
אויסבויען דעם בית־המדרש, האָבן מיר
אויסגעכּתרט די רייניקייטן“, רייד (וואַבאָלניק,
ליטע).

אויסכאַבאַרעווען — טרוו. ־רעווע אויס,

~געכאַבאַרעוועט. געבן שוחד, אונטערקויפֿן אַ
צאָל (אַלעמען וואָס מע דאַרף). א, פֿון קלענסטן
ביזן גרעסטן.
אויסכאָדאַטיי'סטוועווען — טרוו. ־וועווע
-
אויס, ~(גע)כאָדאַטײַסטוועוועט. רוסיצ. דזוו
אויסכאָדאַטײַען ←. „דערפֿאַר וואָס מע האָט
אויסכאָדאַטײַסטוועוועט אַ פּלאַץ אויף אַ נײַ
בית־עולם, וואָס קיין בעסערס קען שוין ניט
זײַן“, קמ, 45 1869, No.
אויסכאָדאַטייען — טרוו. ־טײַע אויס, ~

געכאָדאַטײַעט. סל. אויספּועלן דורך שתּדלנות,
אינטערוועניִרן בײַ דער מאַכט, בײַם בעל־דעה.
א, מע זאָל אַרונטערנעמען די שטראָף. א, אַ
נײַעם פֿאַרהער, אַ באַגנעדיקונג אע.
אויסכאָווען — טרוו. כאָווע אויס, ~געכאָוועט.
1. אויסהאָדעווען (מיט ליבשאַפֿט,
זאָרגעוודיק). „איידער מע כאָוועט אויס אַ קינד קריכן
די אויגן אַרויס פֿון קאָפּ„, שוו. „פֿאַרבײַ די
צײַטן, ווען מע האָט געקענט זיך פֿאַרגינען
אַן איידעם אַ וואויללערנער אויף קעסט צו
האַלטן, אַ גוטן־ייִד אויסצוכאָוועןד“, בראָד,
אויסגעקליבענע שריפֿטן. 2. דערנערן מיט דער

מוטער־מילך. 3. אויספּיטערן, פּעט מאַכן דורך קאָרמען אַ סך. „אַן ענדיק...וואָס ער האָט אויסגעכאָוועט צו פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק“, הר, מײַן ליכטיקע נסיעה.

אויסכאַזשעווען — טרוו. □עווע אויס, ~ געכאַזשעוועט. רוסיצ. אוכאַזשעווען (←) אַ צאָל (מיידלעך, פּרויען). פֿאַרערן אַ לענגערע צײַט. „ער האָט אויסגעכאַזשעוועט אַלע חבֿרטעס פֿון זײַן שוועסטער און מיט קיין איינער ניט התו□ה □עהאַט“.

אויסכאַטולען — טרוו. ־לע אויס, ~□גע)־ כאַטולעט. פֿטמ. < חוכא וטלולא. אויסלאַכן, אויסשפּאָטן, אַרויסשטעלן צו שאַנד. מאַכן

אויסכאָכאָטשען

חוכא־וטלולא פֿון אַ צאָל. „ווער ביסטו אַז איך זאָל זיך לאָזן א, פֿון דיר“.
אויסכאָכאָטשען — ־טשע אויס, ~ געכאָכאָטשעט. רוסיצ. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן לאַכן הויך. טרוו — אויף אַ קול אויסלאַכן עמעצן. א, דעם בחור פֿאַר זײַנע נאַרישע שטיק.
אויסכאָכאָטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

לאַכן הויך אויף אַ קול און אויפֿהערן.
אויסכאָכלען — אַקוזוו. ־כל אויס, ~
געכאָכלט. אוקר (כערסאָנער ג,). אויספּוצן
די האָר מיט אַ טשופּרינע, טשובֿ [אַזוי ווי אַ
כאָכאָל, אַן אוקראַאינער]. א, די האָר.
אויסכאַלופּען — אַקוזוו. ־פּע אויס, ~
געכאַלופּעט. סאָוו. אַרויסקריגן חיונה פֿון זײַן
אַ כאַלופּניק (אָרעמער זעלבשטענדיקער
בעלמלאכה אָדער פּויער).
אויסכאָליען 1 — טרוו. ־ליע אויס, ~
געכאָליעט. דזוו אויסחליען ←. אויסקרענקען.
קללות: ער וועט עס בײַ מיר א'! א, זאָל ער
מײַנע פּאָר גראָשנס.
אויסכאָליען 11 — טרוו. ← דפֿוו. סל.
אויסכאָוען, אויספּאָשען, געבן אַ סך צו עסן.
א אַ זון און אָפּגעבן ניקאָלײַקען [= דעם
רוסישן צאַר פֿאַר אַ זעלנער].
אויסכאָל(י)ערן — טרוו. ־ל(י)ערע אויס,
~געכאָל( )ערעט. ביטער, שווער
אויסקרענקען. קללה: „דו זאָלסט א, וואָס דו האָסט
אַרויסגעקריגן פֿון מיר!„..
אויסכאָמכען . טרוו. ־כע אויס, ~
געכאָמכעט. אויסשטאַמלען, אויסמורמלען;

אומקלאָר אַרויסזאָגן. א, אַ פּאָר ווערטער.

אויסכאַנדאָזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~ געכאַנדאָזשעט. פֿר y (1o ch: < . אָפּט מיט

ז י ך. אויסרייניקן, אויסוואַשן; מאַכן אויסזען נעט, שיין. „אַז דו וועסט זיך שוין אויססטרויען, אויספּוצן, א, אַקוראַט, דאַרפֿסטו אַרויפֿציִען אויף זיך דעם ראָק, אָנטון דעם הוט...„ דלןגאטש, וועלט־מסורה, וואַרשע 1881.

אויסכאָנטען — טרוו. ־טע אויס, ~ געכאָנטעט. (אין לשון פֿון אונטערוועלט) קריגן עפּעס דורך זײַן אַ גאַסנפֿרוי, אַ צעלאָזענע. א, אַ פּאָר אוירינגלעך.

אויסכאַפּ — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אויסכאַפּן; אויסכאַפּעניש. 2. גוטער, גיכער אָפּגאַנג פֿון סחורה. אַן א, אויף דער סחורה, אויף פֿיש ערבֿ יום־טובֿ אאַזוו. 3. דער (דאָס) וואָס איז ווערט אויסגעכאַפּט צו ווערן. „ער האָט געהאַט אַ זון אַ צאַצקע, אַן א', אַ זעלטענער עילוי,„ יק.

אויסכאַפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסכאַפּן. „נאָך אַזאַ א, איז ניטאַ קיין סחורה אויף די פּאָליצעס,„.

אויסכאַפּן — טרוו. כאַפּ אויס, ~געכאַפּט.

1. גיך צונעמען, אַרויסנעמען; אַרויסרײַסן פֿון די הענט. „דאָס בעסטע עפּעלע כאַפּט אויס דער חזיר“, שוו. „אַ הונט זאָל מײַן האַרץ א, וואָלט ער משוגע געוואָרן“, פֿוו. „א, אַ בייגל פֿאַר אַ גראָשן, בשעת איך בין הונגעריק, הייסט בײַ זיי געגזלט„, שע. „אַ ווינט כאַפּט אויס פֿון מויל אַ פֿריילעך קול, אַ בייזן הוסט“, האָפּ, בײַוועגי. *קיינער וועט עס בײַ דיר ניט א, — איר וועגן אַ זאַך וואָס מע דאַרף ניט האַלטן טײַער.

2. פֿריִער ווי אַן אַנדערער צונעמען. פֿאַרכאַפּן, פֿאַרקאָנקורירן. „האָב איך דעם רבין דערלאַנגט די ליולקע. אַ קויל פֿײַער האָט מיר אַן אַנדערער אויסגעכאַפּט...האָט זיך מקדים געווען און האָט געבראַכט אַ קויל פֿײַער„, יפּ. “גוואַלד, נישט אויסצוהאַלטן פֿון די ייִדעלעך וואָס כאַפּן אַלצדינג אויס און שטעלן אונדז בדלות“, ממוס, אַ סגולה. „האָבן זיך שוין אַנדערע געפֿעדערט און פֿאַר זיך די אַרבעט אויסגעכאַפּט“, הל, ,אַרבעט זוכן'. *א, דאָס שטיקל ברויט (מײַן, זײַן... ברויט) =

צונעמען די מעגלעכקייט צו האָבן חיונה;
אויסקאָנקורירן. „איינער בײַ דעם אַנדערן
כאַפּט אויס דאָס שטיקל ברויט. אַלע וואַרפֿן
זיך ווי הינט להבֿדיל אויף אַן אָפּגעלעקטן
ביין“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. *א אַ געשעפֿטל, אַ
,
פֿאַרדינסטל. א אַ מצווה. „די מצווה האָט
אויס,

געכאַפּט חוה די ייִדענע„, שע, אין שטורעם.
*א, די לאָקשן = פֿריִער צונעמען דאָס בעסטע
אָדער די מעגלעכקייט עפּעס גוטס צו טאָן,
צו זאָגן שיינס אָדער אומגעריכטס. „זאָל איך
שילדערן דאָס געזעגענען זיך פֿון גדעונען מיט
שונמית? שלמה המלך האָט בײַ מיר
אויסגעבאַפּט די לאָקשן“, ייִט, טאָג, 1958 I □ 14.
3. גיך אויסקויפֿן. א, די גאַנצע סחורה. א,
אַ מציאה.
4. מאַכן גיך פֿאַר אַ חתן (אָדער כלה).
צונעמען אַ חתן (אַ מאַן), אַ כלה (אַ ווײַב). א,
אָן נדן, ווי זי שטייט און גייט. „מע קען אים
דערווײַל א', ער שטייט דאָך אפֿשר נאָך אין
צוואַנציק אַנדערע שידוכים„, עט, סערקעלע.
איר (דאגה ניט) *מע וועט זי בײַ דיר ניט א'.

5. כאַפּן אַ סך, אַ צאָל. „די זשאַנדאַרמעריע כאַפּט זיי אויס איינציקווײַז,„ בערג, בײַם דניעפּער.

6 פֿאַנגען, אויספֿאַנגען (פֿיש, פֿייגל אאַ).

.

א אַלע פֿיש פֿון טײַך. „זע, אַ שטיקל פֿלייש

,

אין וואַסער אַ פֿײַנס, — כאַפּ עס כ'לעבן!„,

עט, משלים. „איך וועל אַלע וועלף אין וואַלד א'“, א. שומיאַטשער, פּאַסן ליכט.

7. אַוועקכאַפּן, אַוועקרויבן (וועגן ניט־גוטע, רוחות, שדים). „האָט זי דערציילט אַז דעמאָלט אַז דער רוח סערה איז געווען און האָט אויסגעכאַפּט דאָס טײַערע קינד פֿון דער וויג אַרויס...„, נחב, סב/א. קללה: „דער שוואַרצער־יאָר זאָל דיך א'!“.

8. צונעמען פֿון דער וועלט. די מגפֿה האָט אים אויסגעכאַפּט. „ווי קאָן דאָס אַזאַ גוטער, געטרײַער מלאך ווי אליהו הנבֿיא דערלאָזן, מע זאָל...א, בײַ זיי לאהניון?„, שע. „מע האָט אויסגעכאַפּט מײַן קרוין, מײַן אויג אין קאָפּ!“ (בײַם קלאָגן נאָך אַ מת).

9 פֿאַרלויפֿן דעם וועג בײַם רעדן, דער.

ציילן פֿריִער. „אַז איך וועל אָנהייבן עפּעס צו ענטפֿערן, זאָלסטו בײַ מיר א, פֿון מויל, גלײַך ווי דו ווייסט“, ייִל, קמ, 31 1867, No.

„סטײַטש, ,די יאַרמלקע, [אַ קאַסרילעווקער צײַטונג] זאָל בײַ אים אַזאַ זאַך א'!„, שע.

„און איר — האָט גרינשפּאַן אויסגעכאַפּט — זענט אַ קבצן“, אר. “מײַן טענה האָט איר אויסגעכאַפּט פֿון מויל„, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק.

*יאָ (טאַקע, אַוודאי) מע כאַפּט עס

אויסכאַרטשע(ווע)ן

אויס! = איר וועגן אַ שלעכטער זאַך וואָס קיינער וויל ניט. פּפֿ: א, ווי אַן אבֿן־טובֿ, ווי דעם לעצטן בחור אין שטאָט, ווי מצה־וואַסער, ווי אַ מאַלינקע, ווי אַ (די גרעסטע) מציאה.

אויסכאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסכאַפּן (מיט אַלע בּבֿ). 2. ספּעצ — גיכער אויספֿאַרקויף פֿון סחורות, גרויסער גאַנג אויף אַ סחורה. 3. דאָס גיכע חתונה האָבן. [אין רייד פֿון אַ מוטער צו אַ טאָכטער: „הלוואַי קומט שוין אויף דיר אַן א'!„ = הלוואַי זאָלסטו שוין

וואָס גיכער חתונה האָבן און איך וועל זײַן
פֿרײַ פֿון דיר]. 4. אָנשיקעניש, פּלאָג, מגפֿה,
גיכער טויט. „זינט יענער צײַט קומט אַן א,
אויף אירע ליבע עופּעלעך און זיי ווערן
וואָס ווײַטער אַלץ ווייניקער“, ממוס, קליאַטשע.
„ר, ח... איז נפֿטר געוואָרן;...אר־וואַ...אַזאַ א,“,
פֿייגל פֿריד, צוק, 1957, XII. אָפֿט געניצט
אין קללות: זאָל שוין קומען אַן א, אויף דיר
(דײַן משפּחה אאַזון). „אַז עס קומט דער
ווינטער, קומען זאָל אויף אײַך אַן א', מיט
אַן אײַנדאַרעניש, מיט אַן אײַנשרומפּעניש“,
שע פֿונעם יאַריד. 5. דאָס גיכע,
פלוצעם,
דיקע פֿאַרשוואונדן ווערן. „נאַט אײַך אַזאַ
ווייטיק, אַזאַ א, — ניטאָ ביילע! ווי אין וואַסער
אַרײַן ביילע!„, ממוס, ווינטשפֿ. „די נגידים
דערהערן דאָס וואָרט געלט, קומט אויף זיי
אַן א'“, שע, רויטע ייִדעלעך ־פּעכ▯ן.

.

אויסכאַפּער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס כאַפּט אויס (דערעיקר מיט בב
.(1, 2, 4
אויסכאַפּערײַ — דאָס & די, ־ען. גיכער
אויספֿאַרקויף פֿון סחורה. טואונג, פּראָצעס

פֿון אויסכאַפֿן, אויך מיט ד אַנדערע בבֿ.
י

אויסכאַראָבֿען — טרוו. ־בֿע אויס, ~
געכאַראָבֿעט. אויך: ~כאָראָבֿען. סל.
אויסקרענקען. „א, זאָל ער וואָס ער האָט צוגעזלט!“, (קללה).
אויסכאַראַקטעריזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~כאַראַקטעריזירט. גרינטלעך, אַלזײַטיק שילדערן דעם כאַראַקטער פֿון עמעצן (עפּעס); כאַראַקטעריזירן אַ צאָל. „מיר באַרעדן ניט, מיר פֿאַרנעמען זיך בלויז מיט א, אונדזערע באַקאָנטע“.
אויסכאַראַ'ש(ט)ען —. טרוו. ־ש(ט)ע אויס,
~געכאַראַש(ט)עט. אוקר, גאַליציע, קאַרפּאַטאָרוס. < אונגעריש7 קאַסטרירן, אויסשנײַדן בצימער (בײַ אַ בול, אָגער). „אַ וועגנער אַ כאַראַשייניק איז געקומען און האָט אויסגעכאַראַשעט דעם בוהײַ„.
אויסכאָרט(ע)ן — טרוו. כאָרט(ע) אויס,
~געכאָרט(עט). מאַכן עס זאָל ווערן זייער מאָגער, אויסמאָגערן (דורך אַרבעט, דורך צווינגען לויפֿן). „זיי זײַנען הויט און ביינער, אַזוי האָט זיי אויסגעכאָרט די שווערע האָרעוואַניע“.
אויסכאַרטשע(וועןן — טרוו. ־טשע(ווע)

אויס, ~געכאַרטשע(ווע)ט. וורר פֿאַרזאָרגן
.
מיט כאַרטש, שפּײַז, פּראָוויזיע. ,,מע האָט
געטונקט בּרויט אין בּיר, עס געטריקנט אין
אויוון און אַזוי אויסגעכאַרטשעט די
אַמעריקאַנצעס אין וועג אַרײַן,,. מיט ז י ך —
פֿאַר ---
זאָרגן זיך מיט שפּײַז. ,,געגוג...אַז אַ מענטש

אויסכאָרטשען

כאַרטשעוועט זיך אויס בּעולם הזה...“, קמ,
.No ,1870 23
אויסכאָרטשען — דזוו אויסכאָרכלען. “אַ
כריפּליווע קול האָט אויסגעכאָרטשעט דורך אַ
לײַקע“, בּ. רעסלער, טאָג, 1961 I l0.
אויסכאָרכלען — ־כּל אויס, ~געכאָרכלט.
אוטוו — אַרויסבּרענגען (פּלוצעם, מיטאַמאָל)
טיפֿע גאָרגל־קלאַנגען, ענלעך צו כר־כר. טרוו
— מיט כאָרכלדיקע קלאַנגען עפּעס זאָגן
אויסדריקן. א, אַ פּאָר ווערטער, אַ רוף נאָך
הילף. ,,ס'האָבּן גוססע, מיט אײַז שוין אויפֿן
בּונג, אויף ייִדיש אויסגעכאָרכלט זייער צאָרן“,

חג, פּליטיס.
אויסכאָרכלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסכאָרכלען. „נו,
ס'איז געווען אַן אויסהוסטעניש, אַן א„ אַן
אויסשנײַצעניש פֿון די נעז“.
אויסכאַרקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געכאַרקעט. דרייזין. דזוו אויסכראַקען ←.
אויסכאַרקעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
אויסכראַקעניש ←.
אויסכוואַלי — טרוו ־ :יעווען. מאַכן
ען .
יע אויס, ~
געכוואַליעט. אויך: ~כוואַ
כוואַליעס פֿאַליעס, וואַלן. „דערווינט
כוואַ,
ליעט אויס די אָזערע (דעם ים)“.
אויסכוואַליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
כוואַליעדיק, באַדעקט מיט פֿאַליעס. „דער
לאַנגער שלעפּ פֿון איר באַלקלייד האָט זיך
אויסגעכוואַליעט אויפֿן פּאַרקעט“.
אויסכוואַצקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געכוואַצקעט. אויך: ~כוואַטסקען.
אַרויסקריגן עפּעס אויף אַן אײַנשטעלערישן,
אַוואַנטוריסטישן אופֿן, ווי אַ כוואַט. א אַ

דערלוי,
בּעניש אַרויסצופֿאָרן.
אויסכוואַצקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַרויסשטעלן ווי אַ כוואַט, וואוילער־יונג.
אויסכוואָרען — טרוו. כוואָרע אויס, ~ געכוואָרעט. סל. אויסקרענקען, אויסכאַראָבּען.
אויסכוואָשטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געכוואָשטשעט. וורר. סל. אויסשלאָגן מיט אַ בּײַטש, רוט, נאַהײַקע; אויסבּײַטשן.
אויסכוטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געכוטערט. אומאָפּהענגיקע ליטע. צעטיילן אַ דאָרף אויף אָפּגעזונדערטע כוטערס, שטיבּער (אָפּגעטיילט איינס פֿון צווייטן מיט פֿעלדער). א, די דערפֿער, זיי אײַנטיילן אויף בּאַזונדערע פֿערמעס, דער פּויער זאָל האָבּן זײַן ערד אַרום זיו.
אויסכויכען — טרוו. ־כע אויס, ~געכויכעט. לר, (ווילנע). אויסנאַרן, אַרויסקריגן דורך אַ שווינדל, דורך גלאַטע ריידעלעך. א, אַ פּאָר גראָשן.
אויסכוכען — טרוו. ־כע אויס, ~געכוכעט. וורר. דזוו אויסכוקען ←.
אויסכוליגאַנעווען —, אוטוו. ־נעווע אויס, ~(גע)כוליגאַנעוועט. פֿירן זיך ווילד ווי אַ

כוליגאַן. „וואָס די שיכּורים האָבּן אויסגעכוליגאַנעוועט אין איין האַלבּער שעה: צעבּראָכן די כּלים, דערשראָקן די קינדער, זיך געוואָרפֿן שלאָגן„, פּבּ.

אויסכוקען — טרוו. ־קע אויס, ~געכוקעט. וורר. 1. דזוו אויסהוקען ←. אַ כוקע טאָן

מיט בּייזקייט, מיט כּעס אע. 2. אויסבּלאָזן, אויסאָטעמען. א, אַ ריח פֿון בּראַנפֿן.

אויסכיבּ(נ)ען — כיבּ(נ)ע אויס, ~ געכיבּ(נ)עט. אוקר, וורר. סל. אוטוו — אויספֿעלן. וואָס כיבּנעט דיר אויס? אַ שלאַק אויפֿן קאָפּ? טרוו — אויסטרייסלען. א, די זעקלעך תּבֿואה, מעל.

אויסכיטראַקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~געכיטראַקעוועט. סל. אַרויסקריגן עפּעס אויף אַ פֿאַלשן אופֿן, בּאַשווינדלען. (ווערט געזאָגט בּלויז מיט טאַדל). „אַן אמתער לבֿנקע, ער קען א, אַלעמען מיט ווען ער פֿירט אַ מסחר“, רייד.

אויסכיטרעווען — טרוו. ־רעווע אויס, ~ געכיטרעוועט. אַרויסקריגן עפּעס דורך אַ שפּיצל, אויסנאַרן. (קען געזאָגט ווערן אויך גוטמוטיק). ״איך פֿלעג א, בּײַ דער מאַמען די בּעסטע

מאכלים פֿאַר מאָנטיק,,, אר.
אויסכיכ(יק)ען — כיכ(יק)ע אויס, ~
געכיכ(יק)עט. אוטוו — מיטאָמאָל אָנהייבן לאַכן
מיט אַ שטיל, דין געלעכטערל. ,,ווי נאָר מע
רעדט צו איר, כיכעט זי גלײַך אויס“. טרוו
— אויסלאַכן עמעצן. עפּעס אויסדריקן דורך
אַ געלעכטערל. א, צופֿרידנקייט פֿאַרלעגנהייט

,

אאַ.
אויסכיכ(יק)עז זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
כיכיקען און אויפֿהערן. ,,האָט זיך
אויסגעכיכיקעט מיט אַ שקאָציש געלעכטערל,,, ייִט, טאָג,
27 ◻ 1 ◻ 19.
אויסכיליען — ־ליע אויס, ~געכיליעט. סל.
אוטוו — ווערן גאָר שוואַך. ,,כ'ווייס ניט
פֿאַרוואָס דאָס קינד כיליעס אויס פֿון טאָג צו
טאָג,'. טרוו — מאַכן גאָר שוואַך. ,,דער
הונגער האָט זיי אויסגעכיליעט,,.
אויסכיקען — טרוו. ־קע אויס, ~געכיקעט.
אויסקוילען. ,,אויסגעכיקעט אַלע הינער און
געלאָזן דעם שוואַרצן האָן“, פֿל.
אויסכלאַמען — טרוו. ־מע אויס, ~
געכלאַמעט. סל. אָנוואַרפֿן מיט כלאַם, שמאַטעס,

אַלטע בגדים. אַ, די שטוב, די קאַמערן אע.

אויסכלאָפּאָטשען, ~כלאַפּאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~געכלאָ(אַ)פּאָטשעט. סל. אויספּועלן עפּעס נאָך מי, לויפּעניש, בעטעניש; דערגרייכן עפּעס דורך אינטערוועניר‏ן. „חרבֿונה, זכור לטובֿ, האָט מיר אויסגעכלאָפּאָטשעט בײַ אחשורושן...“, פּרוג.

אויסכלאָפּען — אַקוזוו. ־פּע אויס, ~ געכלאָפּעט. לאָקל, אַדעס. אויסשטעלן, אויסגלאָצן (די אויגן). „ערשט געקומען אין באַטאַרייע און — 'ראַזאָידיס'! וואָס האָט איר אויסגעכלאָפּעט די אויגן, האַ?“, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.

אויסכל אָבען —. טרוו▫ כליאָבע אויס, ~ געכליאָבעט. פּפּ: ~כל(י)אָפּטשען. אויסזופּן

י

בּיזן סוף (אַרויסגעבנדיק דערבײַ קלאַנגען). אַ, דאָס געקעכטס, אַ, נאָך אַ טעלער. „...האָט מען זיך גענומען צו דער יויך... אויסגעכלאָפּטשעט מיט גרויסע צרות“, יודישער פּאַר־פּסח.

אויסכליאַיע(נע)ן, ~כלײַען — טרוו. ־יע (־ײַע) אויס, ~געכליאַיעט, (־לײַעט). ←

אויסכאָליען I. [< אויסחליען, ווירקונג פֿון חלאת.]
אויסכליאַנען — ־נע אויס, ~געכליאַנעט. דזוו
אויסכיליען ←.

אויסכמאַרע(נע)ן

אויסכליאַסקען, ~כליסקען — טרוו. ־קע
אויס, ~געכליאַסקעט, ~כליסקעט.
אויספּאַטשן מיט אַ הילך. א, די טרייפֿענע צורה
זײַנע.
אויסכליאַען — טרוו. כליאַע אויס, ~
געכליאַעט. פֿד. אויסטרינקען אויף ניט קיין
שיינעם אופֿן; אויסכליאָבען.
אויסכליאַפּטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געכליאַפּטשעט. לאָקל, בריסק. דזוו
אויסליאַפּטשען ←.
אויסכליאָפּטשען, ~כליעפּטשען —
טרוו. ־טשע אויס, ~געכליאָפּטשעט, ~
כליעפּטשעט. דזוו אויסכליאָבען ←.
אויסכליאַפּען — ־פּע אויס, ~געכליאַפּעט.
אוטוו, דריטפּערזאָניק — שטאַרק אויסרעגענען.
טרוו — 1. אויסגיסן מיט אַ הילך,
אויספּליוכען. א, די פּאַמויניצע. 2. אויסקלאַפּן.
3. אויספֿורעמען גיך, טאַנדעט. א, אַ פֿיגור.

אויסכליאַפּען זיך — אוטוו. ←דפּוו. שטאַרק
אויסרעגענען זיך. דער הימל האָט זיך שוין
אויסגעכליאַפּעט.
אויסכליופּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געכליופּעט. דזוו אויסכליאַפּען בּ1 ←. "עס איז אים
געוואָרן מאָדנע ניט־אָ גענעם אין מויל און
ער האָט אויסגעכליופּעט די אָריגינעלע טיי
אויפֿן דיל", סיטאָ, אָט דאָס זענען מיר.
אויסכליושקען
— יוס אויס, ~
געכליושקעט. אויך: ~כ ן. 1. הילכיק
רןו. ־

אויספּאַטשן. 2. אויסגיסן.
אויסכליעפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געכליעפּעט. אויסזופּן, אויסטרינקען,
אויסכליאָבען. „ווי עמעצער וואָלט די לופֿט
אויסגעכליעפּעט", נאַד.
אויסכליעשטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געכליעשטשעט. סל. אויסבּײַטשן מיט אַ
רוט, קאַנטשיק, בּײַטש. א, די פֿערדלעך.
אויסכליפּען — ־פּע אויס, ~געכליפּעט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן שטאַרק צו וויינען.
„דאָס קינד האָט פֿון ווייטיק אויסגעכליפּעט".

טרוו — שטאַרק וויינענדיק עפּעס אַרויסזאָגן; אויסדריקן עפּעס דורך כליפּען. „,,איך האָב מורא, — האָט דאָס קינד אויסגעכליפּעט‚,, אר.
אויסכליפּען זיך — אוטוו. ← דפּוו. שטאַרק וויינען און אויפֿהערן. זיך גרינגער מאַכן דורך הילכיקן וויינען. "זאָל ער זיך אויסוויינען, א, ...[ער] איז אַ ייִד מיט אַכט קינדער און ממש אָן אַ שטיקל ברויט". פּרץ.
אויסכליפּעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסכליפּען (זיך).
אויסכליפּערײַ — דאָס & די, ־ען. (פּלוצעמדיק, מיטאַמאָליק) הילכיק געוויין.
אויסכמאַליען — טרוו. ־ליע אויס, ~ געכמאַליעט. 1. שטאַרק אויספּאַטשן. אַזוי א, אַז די נשמה זאָל אַרויס. 2. אַרויסשלאָגן פֿון דער האַנט; אַרויסקלאַפּן. "אויס גרויסער געווינס! מע האָט צוגענומען, אויסגעצאַפּט, אויסגעמאַנטאַשעט, אויסגעכמאַליעט...ביז דער לעצטער פּרוטה", שע.
אויסכמאַרע(נע)ן — טרוו. ־רע אויס, ~ געכמאַרעט. באַדעקן מיט שוואַרצע וואָלקנס. „,דער ווינט האָט אויסגעכמאַרעט דעם הימל און אויסגעכוואַליעט דעם ים".

אויסכמאַרע(נע)ן זיך

אויסכמאַרע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
באַדעקט ווערן מיט אַ כמאַרע, שוואַרצן וואָלקן.
קריגן דעם אויסדרוק פֿון שווערע זאָרגן.
דער הימל (דאָס פּנים) כמאַרעט זיך אויס.

אויסכמורע(נע)ן — טרוו. ־רע אויס, ~
געכמורעט. מאַכן כמורנע, פֿינצטער,
שווערמוטיק, טרויעריק. „ער האָט מיר
אויסגעכמורעט מײַן לעבנסטאָג“.

אויסכמורע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
ווערן (אָן אָנווײַז אויף אַ סיבה) כמורנע,
פֿאַרפֿינצטערט. דער הימל, דאָס פּנים כמורעט
זיו אויס.

אויסכניאָקע(ווע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אויס,
~געכניאָקע(ווע)ט. אַרויסקריגן עפּעס אויף אַן
אומעסטעטישן, שלימזלדיקן אופֿן. א, פֿאַר
זיך הילף.

אויסכניקען — ־קע אויס, ~געכניקעט.
אוטוו — אָנהייבן אַ ביסל וויינען אָדער זיך
מאַכן וויינען. טרוו — אויסבעטן,
אויסבעטלען מיט האַלב־געוויין, אויסוויינען. דערגרייכן
עפּעס דורך נעבעכדיקן קלאָגן זיך. דאָס קינד
ועט א, מע זאָל עס נעמען אויף די הענט.

אויסכניקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסכניקען. „אַ
וויינעניש, אַן אויסכליפּעניש, אַן א', כאָטש נעם
און אַנטלויף פֿון שטוב!„
אויסכעכליען — טרוו. ־ליע אויס, ~
געכעכליעט. פּר (מלאַווע, אָסטראָווצע). אָפּטאָן אַן
אַרבעט שלעכט, אַבי פּטור צו ווערן. „זע נאָר
ווי זי האָט אויסגעכעכליעט דאָס ביסל וועש„,
אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אויסכעכליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּד.
אויסהוסטן זיך, אויסרייניקן דעם גאָרגל מיט
קלאַנגען ענלעך צו כע־כע.
אויסכעלעמען — טרוו. ־עם אויס, ~
געכעלעמט. < חלומען, שפּעטער אַסאָציאַציע מיט
כעלעם. איר — אויסחלומען, אויספֿאַנטאַזירן,
אויסטראַכטן. וואָס דו וועסט שוין א'!
אויסכעלעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסשלאָפֿן זיך. איר. אויסטשוכען זיך.
אויסכראַבּרעווען זיך — אוטוו. ־רעווע זיך
אויס, זיו ~געכראַבּרעוועט. רוסיצ. זיך
אַרויסשטעלן ווי אַ מוטיקער, אַ העלד, איר —
אויסכוואַצקען זיך.
אויסכראָמ(ס, ש)קען — טרוו. כראָמ(ס, ש)־
קע אויס, ~געכראָמ(ס, ש)קעט. אויסקייַען

מיט קנאַקערײַ פֿון ציין ווי עס באַקומט זיך
ווען מע עסט כראָמ(ס)קע. א, די ביינער.
אויסכראָפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געכראָפּעט. אָטעמען מיט אַזאַ שנאָרכערײַ, גערויש, בײַם שלאָפֿן, עס זאָל זיך באַקומען אַן אויסדרוק פֿון עפּעס. א אַ גאַנצע מעלאָדיע. „האָט
,
ער אין פֿרײַטיקדיקע נעכט דעם עונג־שבת זײַנעם אויסגעכראָפּעט“, יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.
אויסכראָפּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. גוט, (געשמאַק) אויסשלאָפֿן זיך (און דערבײַ שנאָרכן, אַרויסגעבן גערויש בײַם אָטעמען).
אויסכראָפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסכראָפּען.
אויסכראַקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געכראַקעט. אויסשפּײַען, אַרויסגעבן פֿלעגמע, ליחות פֿון גאָרגל. א, בלוט פֿון צײַט צו צײַט.

אויסכראַקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסהוסטן זיך. כראַקען און אויפֿהערן. זיך א, און אָנהייבן רעדן.

אויסכראַקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסכראַקען (זיו).
אויסכרוקען — ־קע אויס, ~געכרוקעט.
אויך: ~כריוקען. אוטוו — אַרויסברענגען
קלאַנגען ווי אַ חזיר. טרוו — דורך קלאַנגען,
ענלעך צו כרו־כרו, צום חזירשן כרוקען, עפּעס
אויסדריקן. „דער שיכּורער האָט
אויסגעכרוקעט: 'לאָז צו רו', און איז געפֿאַלן אין
רינשטאָק„.
אויסכריפּען — ־פּע אויס, ~געכריפּעט. אוטוו
— אַרויסברענגען (פּלוצעם, מיטאַמאָ)
סקריפּעדיקע קלאַנגען, ענלעך צו כריפּ־כריפּ. טרוו
— דורך כריפּעדיקע קלאַנגען עפּעס
אויסדריקן. א, עפּעס ווי אַ שטאַרק צוגעקילטער.
"עס כריפּעט אויס די שעהן דער זייגער ווי אַ
חולה„, עק.
אויסכריפּעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסכריפּען.
אויסלאָבונג — די, ־ען. מאכל, זייער
געשמאַקע זאַך. אַזאַ לעקעך איז ממש אַן א'.
אויסלאָ'בוסן — טרוו. ־בוס אויס, ~
געלאָבוסט. עפּעס דערגרייכן דורך זײַן אַ לאָבוס
(אַ גאָרנישט, ליידיקגייער). א, זיך [= פֿאַר
זיך] אַ הינטיש מזל.

אויסלאָבוסן זיך — אוטוו. ← דפּוו. זײַן אַ לײדיקגײער, אַ גאָרנישט און דערנאָך זיך בעסערן. זיך א, און װערן סטאָטעטשנע.

אויסלאָבן זיך — אוטוו. לאָב זיך אויס, זיך ~געלאָבט. שטאַרק הנאה האָבן פֿון אַ געשמאַקער זאַך; זיך קוויקן מיט עפּעס; פּאַסמאַקעװען זיך. זיך א, פֿון (מיט) דעם געבראָטענעם אינדיק, פֿון (מיט) דעם קינדס חכמות.

אויסלאַבערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלאַבערט. 1. אויספּלאַפּלען, אויספּלוידערן; אויסדברן. א, סודות. 2. אַרויסגנבֿענען. א, אַלץ פֿון שטוב. 3. אויסלעקן. זן.

אויסלאָג — דער, ־ן. 1. קאַפּיטאַל אָנצוהײבן אַ געשעפֿט, אינװעסטירונג. „מײַן ביסל געלט איז בײַ אײַך. װאו האָב איו צו נעמען א'? איך בין עפּעס רײַך?„, טעיאַטאָך. „קײן גרויסן א, האָט זי דערצו ניט געדאַרפֿט“, ב. גאָרין. *װיפֿל א, האָסטו דערינען? = װיפֿל געלט האָסטו אַרײַנגעלײגט? 2. קאַפּיטאַל צו קירעװען זיך אין געשעפֿט, צו פֿירן מסחר, אַ װאַרשטאַט. „ער לײַט יעדערן עטלעכע צענדליק רובל אויף קירעװאַניע, אויף א'“, ליטוו. 3. אויסדויער; איבערװאַרטונג. צײַט צו לאָזן ליגן סחורה. די תּבֿואה דאַרף האָבן אַן א, =

מע קען (דאַרף) זי נאָך ניט פֿאַרקויפֿן, נאָר לאָזן ליגן (עס וועט טײַערער אָדער בעסער ווערן). „מאַמע, גיב עסן! — האָטס אויסלאָג אַ ביסל, איר זעט'עך, כ'האָב נישט קיין צײַט“, רייד (פֿאַרצייכנט אין קאָלאָמיי, מג).
4. סחורה, זאַכן וואָס מע לייגט אויס, דער קונה זאָל זען, באַמערקן. אַ טײַערער א'. מיר געפֿעלט דאָס גילדענע פֿינגערל פֿון א'. „...א'ן: ליכטיקער פֿאָרצעלײַ, רײַכע וואָלשטאָפֿן...„, ב. ווײַנשטיין. א, ־ ק ע ס ט ל = אַ גלעזערן (פֿאַרשלאָסן) קעסטל וואו מע לייגט אויס (טײַערע) חפֿצים, צירונג. „מע נעמט אַפּיר

אויסלאָדן

דאָס גלעזערנע א'־ק, פֿון וועלכן...מע האָט אַרויסגעגנבֿעט איינֿיקע זאַכן„, ייִפֿאָל, 1884, .No 49
אויסלאָגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געלאַגלט. פֿונאַנדערגיסן (ווײַן, וואַסער) אין לאָגלען. א, וואַסער פֿאַר אַלעמען גלײַך.
אויסלאַגע — די, ־ס. 1. סחורה, אויסגעשטעלט אין ווײַזפֿענצטער, וויטרינע. דאָס ווײַזפֿענצטער גופֿא (גאַליציע). „און אין די

אויסלאַגעס עס שטייען די שענסטע, בעסטע וואַרעס,,, נאַד. 2. אַוואַנס, דמי קדימה; דאָס אײַנגעצאָלטע געלט בײַ אַ קויף (פֿאַרן קריגן די סחורה).

אויסלאַגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאַגערן.

אויסלאַגערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלאַגערט. 1. אַרײַנבּרענגען סחורה אין לאַגער, אויסלאָדן פֿון פֿורן (וואַגאָנען) און אַרײַנטראָגן אין לאַגער. ,,מע האָט גענומען צען טרעגערס אויסצולאַגערן די זעק תּבֿואה,,. 2. האַלטן סחורה אין לאַגער(ן) אַ לענגערע צײַט. א, די סחורה ביז דער מקח וועט שטײַגן. 3. אַרויסנעמען סחורה פֿון לאַגער. א, די סחורה און זי אַוועקלייגן אין קראָם אויף די פּאָליצעס. 4. מאַכן אַ לאַגער אָדער לאָזן רוען אין לאַגער (וועגן סאָלדאַטן, ספּאָרטסלײַט אע). א, די פֿאַרמאַטערטע טוריסטן אין עטלעכע געצעלטן.

אויסלאָד — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסלאָדן (זיך). אָביעקט פֿון אויסלאָדן. שווערער (גרינגער) א'. ,,דו ביסט פֿאַרביטערט און זוכסט אַן א, פֿאַר דײַן פֿאַרביטערונג,,, מענדל מאַן, גק, No 34.

אויסלאָדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסלאָדן; דאָס אַרויסגעבן
אָנגעלאָדענע ענערגיע; דאָס אַראָפּרעדן זיך פֿון
האַרצן. א, פֿון ביקס.
אויסלאַדיען —, טרוו. ־דיע אויס, ~געלאַדיעט.
סל   פֿאַרריכטן, אויסבעסערן. א, דעם
צע
שטערטן שלום־בית. א, די סחורה אין
אויסלאָג.
אויסלאָדיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען אויט..
לאָדן. א'ע ענערגיע.
אויסלאַ'דישן — טרוו. ־דיש אויס, ~
געלאַדישט. צעגיסן (מילך) אין אַ צאָל לאַדישן,
לאַדישקעס. א, די מילך עס זאָל ווערן
זויערמילך.
אויסלאַדן — טרוו. לאַד אויס, ~געלאַדן.
דטשמ   פֿארבעטן אַ צאָל (אַלעמען) פֿון אַ
— .
גרופּע. פֿאַרבעטן צו אַ צאָל (שׂמחות,
אונטערנעמונגען). א, אַלע פֿרײַנד צו דער
גאָלדענער חתונה.
אויסלאָדן 1 — טרוו. לאָד אויס, ~געלאָדן.
1. אַראָפּנעמען משׂא פֿון אַ באַשטימטן פּלאַץ.
א, אַ שיף, אַ וואַגאָן, אַ וואָגן, אַ בויד אע;
א אַ שײַער, לאַגער אע. 2. אַרויסנעמען

,
פֿון אַ בּיקס (רעוואָלווער) די קוילן. א,
די בּיקס און אַוועקוואַרפֿן די קוילן. 3.
אַרויסבּרענגען מיינונגען, שטאַנדפּונקטן. א, אַלע
ראַיות פֿאַר דער פּאַרטיי. 4. אויסדריקן
געפֿילן וואָס דריקן (און דורכדעם זיך גרינגער
מאַכן). „מיט זײַנע 'לידער פֿון אומקום, איז
[ה. לייוויק] אויסן געווען אי אַרויסצוזינגען און
א, פֿון זיך דאָס געפֿיל פֿון שרעק פֿאַרן אונ..

אויסלאָדן

טערגאַנג“, שנ, ה. לייוויק. *א, דאָס (בּיטערע)
האַרץ = אַרויסבּרענגען אַלע טענות קעגן
עפּעס (עמעצן) און דורכדעם (טיילווײַז) זיך
בּאַרואיקן. 5. אַרויסגעבּן ענערגיע. א,
עלעקטרע, אַטאָמישע ענערגיע. בּאַפֿרײַען פֿון
אָנגעקליבּענער ענערגיע. א, אַן עלעקטרישע
בּאַטאַרייקע. מיט ז י ך — 1. (רעפֿל) זיך
אויסטענהן. זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצ(ן).
2. (רעפֿל) זיך אויסלעבּן; פֿאַרניצן
אָנגעקליבּענע אייגענע (פֿיזישע, גײַסטיקע) ענערגיע.
זיך א, אין לאַנגע וויכּוחים. „ווי אונדזער יוגנט
לאָדט זיך אויס סעקסועל אויף אַלע וועגן און

שטעגן", שטריגלער.
אויסלאָדן 11 — טרוו. לאָד אויס, ~געלאָדן.
אַרויסקריגן עפּעס דורך לאָדעניש, דורך משפּטן זיך. „אם ירצה השם, אַז ער וועט א, זײַן געלט, וועט ער מיך, זאָגט ער, ניט פֿאַרגעסן„, שע, מנחם־מענדל. מיט ז י ך — קזוו. זיך משפּטן אַ לענגערע צײַט אָדער אין פֿאַרשיידענע געריכטן. ןיך א, און צוריקבּאַקומען דאָס געלט.
אויסלאַדע(ווע)ן — טרוו. ־דע(ווע) אויס, ~געלאַדע(ווע)ט. פּד. 1. אײַנשטעלן אויף אַ גוטן (ריבטיקן) אופֿן. א, די כּלים אויף דער פּאָליצע, דאָס געצײַג אין וואַרשטאַט, די טיילן פֿון דער מאַשין, דעם שוך אויפֿן קאַפּול.
2. אויספּוצן; פֿאַרריכטן. „ווען איך וואָלט מיך געוווען געריכט, וואָלט איך מיך אויסגעלאַדעוועט מיט אַ שיינעם פּנים צו קומען צו דער שיינער גיטל'„ ווײַס, 'די שיינע גיטל'.
3. (שנײַדערײַ) אויספֿאַרריכטן און בּרענגען אין אָרדענונג אַ געניצטן מלבּוש.
אויסלאָדעווען, ~לאָדענען — טרוו. ־ דע(ווע) אריס,~געלאָדע(ווע)ט, ~געלאָדנט (פּד).
1. אויסלאָדן, ספּעצ I. „א, אין פֿאַנטאַסטישע וויזיעס", ייִט, פּוילן 2 .I. דזוו אויסלאַדעווען
בּ▯.

אויסלאַדעיען — טרוו. לאַדעיע אויס, ~
געלאַדעיעט. (שוסטערײַ) ריכטיק אַרויפֿשטעלן
שוך אויפֿן קאַפּול. ← אויסלאַדעווען,
אויסלאַדיען.
אויסלאָדעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסלאָדן. אַן
אויסטענהניש, אַ קלאָגעניש, אַ האַרץ־אויסלאָדעניש.
אויסלאָדער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לאָדט אויס (משׂא). „דער געפּילדער
פֿון די בעלי־עגלות...דער רעש פֿון די א'ס
און אָנלאָדערס האָבן צעטומלט און צעשראָקן
די ישיבֿהניקעס„, ש. סײַמאָן, צווײַגן.
אויסלאָדערן, ~לודערן, ~לודרעווען —
־דער, ־דרעווע אויס; ~געלאָדערט (~
געלודערט, ~געלודרעוועט). אַקוזוו — דזוו
אַוועקלאָדערן ←. טרוו — עפּעס אויפֿטאָן מיט
זײַן אַ ליידיקגייער, אַ לאָדער. א, פֿאַר זיך
הונגעריקע טעג.
אויסלאָדקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געלאָדקעוועט. סל. אויסשיפֿלען, פֿירן עמעצן
אויף אַ שיפֿל (צוליב פֿאַרגעניגן). א, די
פֿרײַלינס אויפֿן דניעפּער.
אויסלאַוון — טרוו. לאַוו אויס, ~געלאַווט.
< לאו = לא־תעשׂה. (אין פֿאַרשטעלטע רייד)

פֿאַרווערן פֿאַרבאָטן. „די דעקרעטן פֿון דער

-

,

רענירונג האָבן אַלץ אויסגעלאַווט".

אויסלאַוועז —־ טרוו. ־ווע אויס, ~געלאַוועט. א [ליטע, בעת און נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה]. מאַכן לאַוועס, טראָטואַרן פֿאַר פֿוסגייערס. „בעלי־בתּים פֿון הײַזער מוזן א, די גאַסן און די געסלעך".

אויסלאָוועז — טרוו. ־ווע אויס, ~געלאָוועט. וורר, אוקר. סל. אויסכאַפּן, אויספֿאַנגען. א, די פֿייגעלעך פֿון וואַלד. „מע קען ניט א, גאָר די בולבעס פֿון טאָפּ", ב. גאָרין. „...אַלע גנבֿות אויפֿזוכן און די חבֿרה־לײַט איינציקווײַז א, און אַרײַנזעצן אין חד־גדיא אַרײַן", שע.

אויסלאַוו(ר)ירן — טרוו. לאַוו(ר)יר אויס, ~(גע)לאַוו(ר)ירט. (גוט, ריכטיק, אָפּגעהיט) דורכפֿירן. געפֿינען אַן אויסוועג; אויסקאָמבינירן. א, דעם וועג צווישן סכּנות. א, די שיף אין האַפֿן.

אויסלאָז — דער, ־ן. 1. ענד, גרענעץ, סוף פֿון אַ שטח. „די מדינה איז דאָך אינגאַנצן פֿול

מיט ליגן פֿון דעם אָנהייב ביזן א,,,, נחב.
,,און דער א, פֿון דעם געמאַרק איז געווען
ביים ים“, תּי, יהושע, טו, 4. ,,אַ פּלאַכטע,
וואָס איר אָנהייב איז אין איין עק וועלט און
איר א, אין דעם צווייטן עק“, הל. א,־א ו ת
= אות צום סוף וואָרט, טפּעצ: ך, ם, ן, ף, ץ.
א, ש ט אָ ט = הינטערן שטאָט, וואו די
שטאָט ענדיקט זיך. לאָקל (קעלעם, ליטע).
2. ענד, סוף פֿון (געוויסער, באַשטימטער)
צייט. ,,טאַקי אַלץ וויא גאָט האָטיס אויס
גיסדרט פֿונם אָנהוב ביז צים אויס לאָז“, מס,
קהלת, תּקע“ט, ג, 11.

3. ענד, סוף פֿון אַ טואונג. ,,מיט דער צונג
איז דער אָנהייב מיטן אויסלאָז פֿון דער
עבֿירה גרינג און גיך“, חה, 2/292. ,,און גיב
מזל און ברכה אין אַלע אונדזערע אָנהייבן און
א'ן“, איין נייע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו, 1881.
,,אָנהייבן הייבט זיך עס אָן כּדרך הנגידים
און דער א, איז געוויינטלעך כּדרך הקבצנים“,
ממוס, קליאַטשע. 4. לעצטע סצענע אין אַ
פֿאָרשטעלונג; עפּילאָג, שלוסוואָרט. ס'האַלט
שוין ביים א'. א'־נוסח פֿון אַ בריוו. איך לייען
און לייען און זע נאָך אַלץ ניט קיין א'. ,,די
דאָזיקע דערציילונג האָט אַן א, וואָס איז נישט

איבּערצײַגנדיק„, שנ, ייִדישע שרײַבער II.
5. אדיסגאַנג, אַרויסקום, רעזולטאַט. דער א, פֿון אַ וויכּוח, אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג.
6. לעצטער טייל פֿון דאַוו(ע)נען. מע האַלט שוין בײַם א, און ער קומט ערשט איצט אַרײַן אין שול.
אויסלאָז־בּאַלאַנס — דער, ־ן. (בּוכהאַלטעריע) בּאַלאַנס צום סוף פֿון אַ געוויסן צײַטאָפּשניט (ס'רובֿ צום סוף פֿון יאָר).
אויסלאָזונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאָזן. 2. דזוו אויסלאָז.
„אויף דף...ווערט איר גיפֿינדן אַלרלייא סיומים אודר אויז לאָזינג פֿון בּריבֿן„, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ"ד.
אויסלאַזורקעווען, ~לאַזורירן ◻ טרוו. ־קעווע, ־ריר אויס; ~(גע)לאַזורקעוועט, ~(גע)־לאַזורירט. מאַכן העל־בּלוי, בּלוילעך. א, די פֿאַרבּ, די ווענט, דאָס געוואַנט.
אויסלאָז־זמן — [...זמאַן] דער, ־ים. לר. בּינהזמנים, צײַט וואָס איז פֿרײַ פֿון לערנען.

אויסלאָזן

ויסלאָזן — טרוו. לאָז אויס, ~געלאָזט,

~געלאָזן [עלטערע פֿאָרעם, לד].

1. פֿאַרענדיקן ריידן אָדער שרייַבן, אָפּשליסן. „און איך האָב גיזעהן אוש צו לאָזין די הקדמה פֿון דעם ספֿר מיט אַ שיינעם משל“, חה, 56. „אָט דאָס, רבותים! — האָט בנימין אויסגעלאָזט אויף אַ נידעריקע שטימע, מיט אַ זיפֿץ“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ער האָט אָנגעהויבן, זאָל ער עס א'.

2. אינגאַנצן פֿאַרענדיקן (וועגן תּפֿילה, ברכה). „כלומר, דיא דאָ היטן ביז דער חזן אודר איינר זונשט דער איין ברכה מאַכט, אויז לאָזט די ברכה דער איז איין (בן עולם הבא)„, לט1, 2/139. „ווי פֿון אַ זיסן שלאָף האָט זיך דער עולם אויפֿגעכאַפּט, בשעת יאָסעלע האָט אויסגעלאָזט די קדושה“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. „יום־כּיפּור איז אַקוראַט ווי שבת, פֿריִער צינדט זי אָן, דערנאָך מאַכט זי די ברכה אַזוי ווי שבת נאָר זי לאָזט אויש: נר של יומכּיפּורים“, א. דאַנציג, חא, נה/ב, ווילנע 1863.

3. קומען צו אַ סוף, אויפֿהערן זיך צו פֿאַרנעמען מיט עפּעס. „ווי קען מען אָנהייבן און א, אַ תּורה, אַז די תּורה האָט נישט קיין התחלה, נישט קיין סוף, אַז זי איז אין־סוף“, פּדץ, חסידיש.

4. איבּעררײַסן, (זיך) אָפּשטעלן אין מיטן. ,,נון מה לי להאריך, מיר וואָלין ווידר אַן פֿאנגין וואור [= וואו, ר צווישן צוויי וואָקאַלן] איך אויז גילאזין האָבּ'', גה, 209.

5. קומען צום פּונקט, צום אויספֿיר. ,,פֿון וואָס מע זאָל ניט רעדן אויף אַן אַסיפֿה, מוז מען א, מיט דער טאַקסע פֿון פֿלייש,,, ממוס, מסעות. ,,אַזוי דערציילט די מאַמע און לאָזט אויס אַז צווישן די דײַטשן זענען אַפּנים אויך דאָ גנבֿים,,, שע, מאָטל.

6. אַדורכלאָזן פֿאַרפֿעלן, איבּערהופּן, אי',

בּערהיפּערן. א, אַ זײַטל, אַ קאַפּיטל אע. דז דר זעלבּיג האָט פּיל אויש גילאָזן צו טײַטשן'', אורחת צדיקים — ספֿר המידות, אַמשט תצ,,ה, הקדמה פֿון שלמה־זלמן לונדן. ,,רק אַז ער דאווינט ווי די בּני אַשכּנז וואָש זאָגן נישט מוריד הגשם, מעג ער זאָגן אַפֿילו אַז ער אוש גלאָזט די בּרכה פֿון מחיה מתים'', ספֿר שלחן ערוך [זשאָלקווע? אָנהייבּ 19. יה?], ה/א. ,,נישט אויסגעלאָזן איין זאַך אויפֿן וועג, מע זאָל עס ניט בּאַרירן,,, ממוס, ווינטשפֿ.

7. אויסמײַדן, ניט אָנרירן. בּאַריידן און קיינעם ניט א'. ''[די קראַנקייט] האָט נישט

אויסגעלאָזט קיינעם“, עט, משלים.

8. אויסשליסן, באַזײַטיקן, ניט לייגן קיין אַכט. א אַ געדאַנק, פּלאַן. „ער זאָל עז אויש

,

זיינר דיעה גאַנץ אויש לאָזן„, אורחת צדיקים [← בּ6], נז/בּ. „אַ כלה, אַ נאַכט פֿאַר דער חתונה, באַדאַרף מען נישט א, פֿון איג אַליין. עס טשאַטעווען מלאכי־חבלה, נישט־גוטע“, אַש, תּהילים־ייִד.

9. אַרויסבּרענגען, אַרויסגעבּן, אויסדריקן געפֿילן. א, דעם כּעס, צאָרן, גרימצאָרן, שפֿוך חמתך, כּל־חמתו. „דו זאָלשט ניט דענקן... מיט מחלוקת דיין צאהרן צו אים אויש לאָזן צו בּיצאָלן דיין ניידונג“, עיון, 1/25.

*א, דאָס (בּיטערע) האַרץ, דאָס שווערע געמיט = אַרויסבּרענגען וואָס עס דריקט און

אויסלאָזן זיך

איז פֿאַרשטיקט. *א, צ ו עמעצן דעם כּעס אע, דאָס האַרץ = אַנשטאָט צו באַשולדיקן אָדער באַשטראָפֿן דעם שולדיקן, שטראָפֿן (אויסריידן, זידלען) דעם שוואַכערן. „האָסט זיך אָנגעשיכּורט און בּיסט געקומען צום קינד

א,״, קמ, 23 1868, No. ,,עמעצער האָט אים געקערט הייס אָפּבאָדן, איז ער געקומען אַהיים א, דאָס האַרץ״, ספּ, ייִפּאָל, 3 1885, No. ,,ער האָט אָבער זײַן גאַנצן כעס נאָר צו די אומגליקלעכע אונטערטאַנען, די פּויערן, געקאָנט א',,, אַש, תּהילים־ייִד. *א, די גאַנצע תּוכחה, אַלע (בייזע, וויסטע) חלומות צו עמעצנס קאָפּ = שטאַרק אויסזידלען, שעלטן, באַשטראָפֿן.
,,אלא נישט! וועל איך א, אַלע בייזע חלומות צו דײַן קאָפּ!״, לאַט, מישקע. ,,וואָס איך האָב אויפֿן האַרצ(ן) וועל איך א, צו דײַן קאָפּ (צו דײַנע הענט און פֿיס, צו דײַן לײַב און לעבן)״.
זעלטענער: א, ליבשאַפֿט, גוטסקייט, וואַרעמקייט אע. ,,קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט און איר גאַנצע מוטערלעכע ליבשאַפֿט אויסגעלאָזט צום מאַן,,, רייד. ,,איז ער געוואָרן זייער בייז...און האָט אויסגעלאָזן כל חמתו צו דעם יונגנמאַן״, אמד, דער מיליאָנער, ווילנע .18▯8

1O. צעלאָזן, אויספּרעגלען. א, שמאַלץ; א, גריוון אויף פּסח. ,,זי איז געשטאַנען בײַ דער קיך און אויסגעלאָזט שמאַלץ״, פֿמ. ,, אויסגעלאָזט האָניק, געבליבן וואַקס,,, פּרץ [אין לד ניטאָ].

11. אָפּלאָזן, אַרויסלאָזן פֿון האַנט. „ווען מאַן איין כּלי מיט איין צוואַנג אַרײַן טוט אין קעסל צו כּשרן זאַל מאַן די צוואַנג א, כּדי עס זאָל איבּעראַל געכּשרט זײַן“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולס, אונגוואַר 1864.

אויסלאָזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך פֿאַרענדיקן פֿאַרגיין, קומען צום סוף. „דאָס — , האַרץ שענקט דעם קוואַל אַ טאָג בּמתּנה. און אַז דער טאָג וויל זיך שוין א', צום סוף טאָג, הייבּן זיי זיך אָן צו געזעגענען...דאָס האַרץ מיט דעם קוואַל“, נחבֿ. „מע זאָל ניט בּעטן, די צרות זאָלן זיך א', וואָרעם אַז די צרות לאָזן זיך אויס — לאָזט זיך דאָס לעבּן אויו אויס“, שוו. עס (די מעשׂה, דער עסק) לאָזט זיך אויס מ י ט... „געוויינטלעך לאָזט זיך דער יריד אויס מיט אַ קריג“, ממום, ווינטשפֿ. *די וועלט לאָזט זיך אויס! = ס'איז זייער שלעכט, ניטאָ קיין אויסוועג; אָפּט איר. *עס הייבּט זיך ניט אָן, עס לאָזט זיך ניט אויס! = ס'איז אינגאַנצן אַנדערש, ס'איז ניט אמת.

2. זײַן צום סוף (פֿון אַ פּסוק, שורה, וואָרט). “דען דיא תּורה היבּט זיך אָן מיט דער 'בּית, (בּראשית) און לאָזט זיך אוש מיט דער

'למד, (בּעיני כּל ישׂראל),,, לט1, הקדמה. ,,מיט וואָס הייבּט זיך אָן דער טויט און מיט וואָס לאָזט ער זיך אויס?“, פֿרש, נווש מיט די בּ2 און בּ□]. ,,זײַנע געבּאָט הייבּן זיך אָן מיט 'איך, און לאָזן זיך אויס מיט 'איך'“, ממוס, שלמה.

3. אויפֿהערן, פֿעלן, ניט זײַן מער. ,,דאָס תּקיפֿות פֿון זײַן בּאָסקייט וועט זיך א'“, מס, משלי תּקע“ד, כּבֿ, 8. ,,אַלע פֿאַרדינסטן האָבּן זיך אויסגעלאָזט, מענטשלעכקייט און יושר — אויפֿגעהערט,,, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. געלט,

געזונט, כּוחות, פֿאַרדינסטן, קעסט אע לאָזן זיך אויס. ,,עס האָבּן זיך אים אויסגעלאָזט די כּוחות, בּיז ער איז געבּליבּן שלאַף ווי אַ קינד“, ממוס, שלמה.

4. ניט זײַן געננוג, האַלטן בּײַם ווערן אויס. פֿאַרבּן, ווערטער לאָזן זיך אויס (כּדי עס צו קענען אויסמאָלן, בּאַשרײַבּן). ,,אויף זײַן גליק האָט זיך בּײַ מײַן מלמד אויסגעלאָזט די תּורה פֿאַר מיר“, ממוס, ספֿר הבּהמות. ,,אַ ווייטיק די שׂונאים! די משפּחה האָט זיך אויסגעלאָזט,

נישטאָ קיין נעמען!“, ממוס, ווינטשפּ. *(דער) פּאָדעם לאָזט זיך אויס = א) דער מאַטעריאַל לאָזט זיך אויס; בּ) כּוחות לאָזו זיך אויס. ,,אויף דער עלטער האָט זיך מיר אויסגעלאָזט פּאָדעם“, ייִל פּונעם יאַריד.

,

5. זײַן דער רעזולטאַט; אַרויסשטעלן זיך, אַרויסקומען. א, זיך גוט, צום גוטן, שיין, בּכי טובֿ; א, זיך שלעכט, בּיטער, (מיט) אַ ווייטיק צו (מיר, אים) אאַזוו. עס האָט זיך אויסגעלאָזט ווי איך האָבּ געזאָגט (געוואָרנט

פּאָרויסגע,

זאָגט אאַ). ,,דער זיידע ועט מסתּמא מגין זײַן, עס זאָל אַלץ זיך אַזוי א, נאָך זײַן טויט, ווי ער האָט זיך אין זײַן לעבּן געוואונטשן“, יד, אבן נגף. ,,וואָס אָבּער לאָזט זיך אויס? זי האָט אים געראַטעוועט, און ער זי — בּאַגראָבּן“, ממוס, ווינטשפּ. *עס לאָזט זיך אויס צו מיר (מײַן קאָפּ, מײַן קעשענע) = איך דאַרף לײַדן (בּאַצאָלן) פּאַר דעם. ,,פּון אים האָבּן זיך אַלע זאַכן אָנגעהויבּן און צו אונדזערע קעפּ האָט זיך דאָס תּמיד אויסגעלאָזט,,, שע, מעשׂיות פּאַר ייִד, קינדער. *(הלוואַי) זאָל זיך עס א, צ ו געלט (צו אַ בּיסעלע שרעק, מיט געלט,

מיט אַ ביסעלע שרעק אע) = קיין ערגערער רעזולטאַט זאָל ניט זײַן. *עס לאָזט זיך אויס אַ טײַך, אַ (בייזער, וויסטער) חלום, אַ בוידעם, אַ נעכטיקער טאָג, אַ האָן = דער רעזולטאַט איז אַ נישטיקער; עס קומט קיין זאַך ניט אַרויס פֿון אַלע גליקן לאָזט זיך אויס אַ

— . "

טײַך", שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. "עס לאָזט זיך אויס אַ נעכטיקער טאָג", שע, מנחם־מענדל. "פֿונעם גאַנצן מסחר לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, אַ נעכטיקער טאָג", ממוס, אין אַ שטורעמצײַט.
פֿון אַ ליבע לאָזט זיך אויס אַ בוידעם פֿון

" ,

ליבע ווערט אַ טײַך,,, בערג, בײַם דניעפּער.
*מיט (עמעצן, עפּעס) זאָל זיך אַזוי א'! = דער סוף זאָל זײַן אַזאַ שלעכטער. "ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז מיט אים זאָל זיך אַזוי א, ".

6. זיך עקן, ניט קענען אַריבערטראָגן. "איז אָבער נאַר אַ מענטש געשטאָרבן...ווײ געשריגן איבער דעם חורבן! — לאָזט ער זיך שוין אינגאַנצן אויס!", עט, לידער.
אויסלאָזנס — דאָס. מצ נב. פּד. דזוו אויסלאָז, בב .

אויסלאָזעכץ — דאָס, ־ן. ניט קיין געראָטענער אויסלאָז. איר וועגן אויסלאָז. "נאָך אַזוי פֿיל מאַטערנישן אַזאַ נישטיק א'!"
אויסלאָזעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאָזן און אויסלאָזן זיך.
אויסלאָזער — דער, ־ס. ווער עס לאָזט אויס; ווער (וואָס) עס פֿאַרענדיקט. „געבענטשט זאָל זײַן דער אָנהייבער און געבענטשט זאָל

אויסלאַכן

זײַן דער א'" [טײַטש פֿון: 'בּרוך אַשר התחיל ומבֿורך אַשר גמר,], קמ, 40 1868, No.
אויסלאָזשירן, ~לאַזשירן — טרוו. ־זשיר אויס, ~(גע)לאָזשירט, ~(גע)לאַזשירט. (אויך: ~לאַזירן, ליטע 19. יה). געפֿינען צײַטווײַליקע דירות, ערטער וואו אײַנצושטיין (געווײַנטלעך פֿאַר זעלנערס וואָס קומען אָן אויף מאַנעווורעס). „בײַם א, דעם פּולק זעלנערס האָט מען בײַ אים אַרײַנגעשטעלט דרײַ יונים„.
אויסלאהדימען — [...לייאַכאָ'דימען] טרוו. לאחדים אויס, ~געלאחדימט [...לייאַכאָ'דימט]. לד. (סוחריש) אויספֿאַרקויפֿן סחורה אין

דעטאַל־האַנדל. א, די צוגעלעגערטע סחורה גאָר וואָלוול, אונטערן פּרײַז.
אויסלאַטכעניש — דאָס (די), ־ן. ←
אויסלקחעניש. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאַטכענען.
אויסלאַטכענען — טרוו. לאַטכן, לאַטכע אויס; ~געלאַטכנט, ~געלאַטכעט. <
אויסלקחענען. אויסגנבֿענען, אַרויסגנבֿענען (געווײנטלעך אין פֿאַרשטעלטע רייד). „זײַ רואה די ערלטעס זאָלן ניט א, די טיכלעך".
אויסלאַטכער דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לאַטכנט אויס, גנבֿ. „זיי זײַנען ניט געקומען קויפֿן. דאָס זײַנען א'קעס. קוק זיי אויף די הענט".
אויסלאַטכערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסלאַטכער; דאָס פֿילמאָליקע (סיסטעמאַטישע) גנבֿענען.
אויסלאַטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאַטען.
אויסלאַטע(נע)ן — טרוו. לאַטע אויס, ~ געלאַטעט. 1. לייגן אַלע לאַטעס וואָס מע דאַרף אויף אַ מלבוש; אויספֿאַרריכטן אַ צאָל מלבושים, שיך. „אַלטע קליידער מוז מען דאָך קויפֿן, א', און דערצו ברויך מען דאָך געלט,,,

ממוס פֿישקע. 2 פֿאַרריכטן, צו רעכט

מאַ .

כּן; אויספּוצן. „יונג און אַלט זענען צום
דאָקטער געלאָפֿן א, און פֿאַרריכטן אַ בּיסל
דאָס געזונט“, ממוס, ווינטשפֿ. „דודל איז אַ
מײַסטער אין צומאַכן מאָמענטן צו אַ חלום
און א, אים ווי עס געהער צו זײַן„, ווײַס,
דער איבּערגאַנג,.

אויסלאָטעריי'ען, ~לאָטע'ריעווען —
טרון. ־עריי(ע), ־טע'ריעווע אויס; ~
געלאָטעריי(ע)ט, ־טעריעוועט. אויספּלעטן, אויסשפּילן
אין לאָטעריי. „דעם גרויסן קוכן וועט מען א,
נאָכן טאַנצן“.

אויסלאָטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געלאָטערט. אויסנאַרן, אויסכּיטרעווען,
אויספֿריצעווען. א, די יאָלדן; א, אַ בּיסל מינץ.

אויסלאַך — דער. מצ נבּ. אַקט פֿון
אויסלאַכן. בּיטערער, איראָנישער, סאַרקאַסטישער
א'. „אַן א, פֿון דער געשיכטע“ פֿאָר, 1960
—
,

.25

אויסלאַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלאַכן. „דאָס איז נישט קיין
וויץ, ס'איז אַן אומאיידעלע א'„.

אויסלאַכן — טרוו. לאַך אויס, ~געלאַכט.
1. אָפּלאַכן; אָפּשפּאָטן, אויסשפּעטן. אָפּחוזקן, אָפּלצעווען. „ער לאַכט דען פּאָלק [= פּוילישן ייִד] אויז מיט זייני שופּיץ און, שויבּן [= פּעלץ]„, אַשכּנז. „[ער האָ] אדרבּה זיך גנץ

אויסלאַכן זיך

דאַר פֿון [דערפֿון, דה פֿון קהל־פֿירונג] מונע גיוועזין און, דען גנטצין עולם אויז גילאכט“, גה, 69. “ווען גלײַך דער תּלמיד חכם ניט היפּש איזט, זאלשטו אים ניט אויש לאכין“, עיון, 1/5. „זי וועט אים פּשוט א„ חוכא־וטלולא מאַכן“, פּרץ.
2. זיך באַציִען איראָניש צו עמעצן אָדער עפּעס. גוטמוטיק אָפּלאַכן, מאַכן אַ שפּאַס. „ווען איך אַן עש“ק פֿאַר איין רבֿיעי, ר„ט [רײַכסטאָלער] אוֹ א, ליוּוער שבּת אופּש גיקאפֿט, האָט מאַן מיך מיט אויז גילאכט„, גה, 3()0. „דער שטייגער איז בּײַ ייִדן, אַז זיי קומען מבֿקר חולה זײַן, לאַכן זיי אויס פֿאַר ליבּשאַפֿט דעם קראַנקן מיט דער קראַנקייט“, ממוס, שלמה.
3. אָפּנאַרן, פֿאַרפֿירן. „אויבּ מע האָט

אונדז אָפּגעגנאַרט און מע האָט אונדז
אויסגעלאַכט...וועלן מיר אין אונדזער בראָך...
שווײַגן שטיל,,, מל, 'שטילער, שטילער'.
פּפֿ: א, ווי אַ בטלן, ווילדן, משוגענעם.
אויסלאַכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. לאַכן
(שטאַרק, אַ לענגערע צײַט) און אויפֿהערן;
אָנלאַכן זיך צו דער זעט. ,,אַזאַ מענטשן איז
גלײַבער אַז מע לאָזט אים פֿריִער זיך א, ווי
עס געהער צן זײַן", שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.
2. ניט לייגן קיין אַכט, מבטל זײַן, איגנאָרירן.
,,...עזות־פּנימער וואָס טרעטן אַרויס מיט טענות.
לאָמיר זיך א, פֿון אַלע זייערע זידלערײַען",
ממוס, 'צוריק אַהיים'. 3. אויסלאַכן, בּ1.
,,גיסט מען אהן פּיללע טאַכער מיט טרערין,
צום סוף קימט זעך צי גיין אַמאָהל אַזאַ
הילטאַי, אַזאַ פּושע ישׂראל, אין לאַכט זעך אויו
גאָר אויס אויס זיי", טעיאַטאָר. ,,וואָס מער חנה
האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון פֿרישן ,,ראַכינעץ",
אַלץ מער איז ער אויסגעגאַנגען נאָך אירע
טריט", סמב. 4. (פּר וועגן אַ מלבּוש)
צעטראָגן, צעריסן ווערן. ,,זײַן כאַלאַטל האָט זיך
אים אויסגעלאַכט,,. 5. שטאַרבן. פּד. ,,אים איז
שוין בעסער ווי אונדז, ער האָט שוין זיך
אויסגעלאַכט", רייד. ,,...וועט זיך דאָס

מענטשעלע פֿון לאַנג שוין האָבן אויסגעלאַכט“, בימקאָ, גגבֿיס.

אויסלאַכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאַכן (זיך).

אויסלאַכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס לאַכט אויס אָדער האָט ליב אָפּצולאַכן. ,,...צו כאַראַקטעריזירן טאַקע אים אַליין, שלום־עליכמען, דעם דאָזיקן האַרציקן א, און אָפּלאַכער פֿון אַלץ,,, יק.

אויסלאַכערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסלאַכער. גוטמוטיקע, בייזווילִיקע א,.

אויסלאָם — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסלאָמען (זיך). ,,ס'איז נאָר אַן אויסלאָם, אָבער דער ביין איז ניט געבראָכן“, רייד.

אויסלאָמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלאָמען (זיך).

אויסלאָמען 1 — טרוו. לאָם אויס, ~געלאָמט. מאַבן קרום, לאָם; אויסלינקען, אויסדרייען. א, הענט און פֿיס.

אויסלאָמען ll — טרוו. לאָמ(ע) אויס, ~ געלאָמ(ע)ט. מיט אַ לאָם (בראָכשטאַנג) אויפֿברעכן, עפֿענען. ל2. א, די אײַזערנע טיר.

אויסלאָמען זיך — אוטוו. לאָם זיך אויס,

זיך ~געלאָמט. זיך אויסקרימען, לאָם ווערן.
זיך א, אויף דער עלטער, זיך אויסדרייען אין
דרײַען.
אויסלאָמפּן — טרוו. לאָמפּ אויס, ~געלאָמפּט.
נעאָל. אויסשטעלן, אַרײַנשטעלן לאָמפּן. „די
באַלײַכטונג איז אַ שוואַכע, דאַרף מען א, דעם
זאַל. פֿאַרגעס ניט צו ברענגען עטלעכע גרויסע
שטיילאָמפּן“, רייד (פֿאַרצייכנט אין ריגע,
לאַטוויע).
אויסלאמרן — [...לײַ'מערן] טרוו. לאמר אויס,
~געלאמרט. < לאמר = אַזוי צו זאָגן.
1. אויסזאָגן, דערציילן אַ סוד. "איצט ועסטו
באַלד א, פֿון חדר“, העשעלעס, גיטעלע
ציגאַנקע. 2. אויסריידן. אַרײַנזאָגן,
אויסשייגעצן. „ווער איך דאָך רעכט אין כעס און הייב
אים אָן אויסצולאמרן וואָס עס קומט מיר אויף
דער צונג“, שע, טבֿיה. „ער זעצט זיך אַוועק
שרייַבן איר אַ בריוו, א, אַזוי אַז זי זאָל אים
האָבן צו געדענקען“, שע, אין שטורעס.
אויסלאָן? — טרוו. לאָ אויס, ~געלאָט. אַרכ.
מיי, פֿאַרבליבן אין עטלעכע פּר. Mhd: lân.
דזוו אויסלאָזן ←. „[פֿאַר] אייניר אַלמנה לוט
מן אויז צום הינטרשטן משׂמח חתן וכלה אונ,
צו אייניר בתולה לוט מן אויז משׂמח חתן עם

הכּלה„, מנהגים...דורך דאז גאנץ יאָר, וינדיג

ל י — טרוו ־ווײַל(יק) אויס,

ש ▯ ▯ .

„ 15], ע/בּ.

א ויײַ

~געלאַנגווײַל(יק)ט. מאַכן אינגאַנצן לאַנגווײַליק; פֿאַרנודיען אַ גרופּע. "די לאַנגע מאָנאָלאָגן האָבּן אויסגעלאַנגווײַלט דעם גאַנצן עולם„.

אויסלאַנגווײַל(יק)ן זיך — אוטוו. ← דפּוו. זיך שטאַרק נוד(י)ען. „געגוג זיך א, צווישן די אַלטע לײַט. קום בּעסער טאַנצן".

אויסלאַנד — דאָס. מצ (זן) ־ן. ← אויסנלאַנד. יעדער לאַנד חוץ דעם היימלאַנד (אָדער דעם לאַנד וואָס מע האַלט פֿאַר אייגנס), חוצן לאַנד וואו מע וואוינט שטענדיק. „גאַנץ אָפֿן, פֿראַנק און פֿרײַ, גיט זיך אָפּ אין דעם א, דער וואָס איז ניט קיין ייִדיש קינד מיט זײַנע אינטערעסן", ממוס, אַ סגולה.

אויסלאַנדיזם — דער, ־ען. שטריך, אייגנשאַפֿט, מאָדע פֿון אויסלאַנד. „זע הײַנט אַ מאַמזעלס שאַרלאַטאַניזם, אַ מאַדאַמס א', אַ יונגנמאַנס ניה▯ליזם, דעם אַלטנס פֿאַנאַטיזם",

אלץ, קליין ווָעלטל.
אויסלאַנדן — טרוו. לאַנד אויס, ~געלאַנדט. לאָקל (לעפּײַ, לאַטוויע). בּרענגען צו (אויף דער יבּשה, צום בּרעג. „די שיף איז שוין אין האַפֿן, מאָרגן וועט מען א, הערינג און אַנדערע סחורות“.
אויסלאָנטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געלאָנטשעט. פּר. אויסשליסן. א, דאָס עלעקטרישע ליכט אין גאַנצן הויז.
אויסלאַסטן — טרוו. לאַסט אויס, ~געלאַסט. שטאַרק מטריח זײַן, אַרויפֿלייגן (פֿאַרשיידענע לאַסטן. א, מיט געבּאָטן און בּאַפֿעלן.
אויסלאַסקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געלאַסקעט. סל. דזוו אויסלאַשטשען ←.
אויסלאָפּטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געלאָפּטשעט. אוקר. אויסצופּן; אויסבּײַסן, אויפֿגריזשען. מיט פֿינגער א, דעם קוילעטש.

אויסלאַרען

אויסלאָפּנ(י)ען — ־נ(י)ע אויס, ~ געלאָפּנ(▯)עט. וורר, אוקר. אוטוו — פּלוצעם, אומגעריכט אויספּלאַצן. אַלע גלעזער האָבּן אויסגעלאָפּניעט. טרוו — מאַכן עס זאָל פּלאַצן.

אַ דריי טאָן דעם קנויט און א, דאָס גלעזל
פֿון לעמפּל.

אויסלאַפּסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
לאַפּסירט. (אין לשון פֿון פֿעלדשערס,
באַלבירערס) אויסשמירן מיט לאַפּיס. א, אַ שניט,
קראַץ.

אויסלאַפּ(ע)ן — טר□ו. לאַפּ(ע) אויס, ~
געלאַפּ(ע)ט. וורר. < כאַפּ־לאַפּ, לאַפּע.
אויסבאַפּן, גיך אַוועקנעמען. א, אַלע מציאות; א,
די בחורים פֿון שטעטל.

אויסלאַפּקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געלאַפּקעוועט. געבן שוחד, לאַפּוּוקע, צו אַ
צאָל. א, פֿון גרעסטן ביזן קלענסטן.

אויסלאַפֿער, ־ין — מי׳. דזוו אויסלויפֿער,
אויסלויפֿערין ←.

אוי — טרוו. לאַץ אויס, ~געלאַצט.
א אַצעווען. (שנײַדערײַ) מאַכן לאַצן.
„איך וויל איר זאָלט די מאַרינאַרקע א,
ברייטער (שמעלער)“.

אויסלאַקירן — טרוו. ־יר אויס, ~געלאַקירט.
באַדעקן, אויסשמירן מיט לאַק. א, מעבל עס
זאָל שײַנען; א, שיך.

אויסלאָקן — טרוו. לאָק אויס, ~געלאָקט.
מאַכן האָר זאָל זײַן אין גרײַזעלעך, לאָקן.

שטיין פֿאַרן שפּיגל און א, די האָר.
אויסלאָקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך ווערן גרײַזלדיק, מיט לאָקן. "זי איז איצט געזינטער, זעט בעסער אויס און די האָר אירע האָבן זיך אויסגעלאָקס,,, רייד.
אויסלאַקסירן — ־יר אויס, ~(גע)לאַקסירט. אוטוו — האָבן אַ לויזן מאָגן. טרוו — 1. געבן אָפּפֿירמיטל; שטעלן (מאַכן) אַ קאַנע. א, דעם מאָגן. 2. אויסברעכן, אויסמייקענען.
אויסלאָקען — טרוו. ־קע אויס, ~געלאָקעט. סל, דרייזין. אויסזויפֿן, אויסזשליאָקען.
אויסלאָקערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלאָקערט. נאָכקוקן, לויערן פֿון אַ באַהעלטעניש ביז מע דערזעט. א, דעם שׂונא.
אויסלאָקשן — טרוו. לאָקש אויס, ~ געלאָקשט. צעשנײַדן אויף דינע לאַנגע פּאַסן (ווענן לעדער, בײַ רימערס).
אויסלאָרבערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלאָרבערט. 1. אײַנרײַבן מיט לאָרבערבלעטער; אַרײַנלייגן לאָרבערבלעטער אין אַ שפּײַז (בײַם מאַרינירן). 2. נעאָל. באַקראַנצן מיט אַ לאָרבערקראַנץ; שטאַרק לויבן. א, אַלע פּאָעטן.
אויסלאַרוועַן זיך — אוטוו. לאַרווע זיך אויס, זיך ~געלאַרוועט. אַרויסקומען פֿון

צושטאַנד פֿון אַ לאַרווע (בײַ די גלגולים אין
דער אַנטוויקלונג פֿון אַן אינסעקט).
אויסלאָרנעטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~געלאָרנעטעוועט. באַקוקן מיט אַ
לאָרנעט(קע). „קענסטו די דאַמע אין לאָזשע וואָס
לאָרנעטעוועט אונדז אויס?“, רייד (פֿאַרצייכנט
אין קאָוונע).
אויסלאַרען — טרוו. ־רע אויס, ~געלאַרעט.
אדיסשטעלן זאַכן, סחורה צום פֿאַרקויפֿן אויף
אַ געשטעל מיט אַ דעכל (אין מאַרק, בײַ אַ

אויסלאַשטשען

יריד). א, דאָס געבעקס; א, די פּײַפֿלעך און די
טרובעלעך.
אויסלאַשטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געלאַשטשעט. אויסצערטלען, אויסטוליען. א, די
א□ינ□ר□ע□שען זיר
—. אוטוו. ← דפֿוו.
; א, די ביינדעלעך..
יס אָש
לאַשטשען, צערטלען און אויפֿהערן. צוטוליען
זיך צו אַ צאָל.
אויסלהכעיסן — [...לעהאַ'כעסן] טרוו.

להכעיס אויס, ~געלהכעיסט. טאָן צו־להכעיס, קעגן אַ צווייטנס ווילן. דערגרייכן עפּעס מיט טאָן פֿאַרקערט ווי מע הייסט. „וואָס וועסטו
שוי▯וגז
— טרוו. לוג אויס, ~געלוגט. אַרכ
א'? בּעסער בּאַטראַכט זיך„.
אוי▯
בּײַטעם. אויסקוקן, אויסלויערן. א, דעם שׂונא
פֿון אַ בּאַהעלטעניש.
אויסלוזשע(נע)ן — טרוו. ־זשע אויס, ~
געלוזשעט. אָנמאַכן לוזשעס, נאַס מאַכן (
געוויינטלעך וועגן אַ קינד וואָס בּאַנעצט דעם
אויס▯ויבּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעדיל. א, דעם דיל, די פּאָדלאָגע.

זולטאַט פֿון אויסלויבּן. אַ (ניט־)פֿאַרדינטע א'.
אויסלויבּן — טרוו. לויבּ אויס, ~געלויבּט.
1. שטאַרק לויבּן, אויסרעכענען אַ סך שבֿחים, מעלות. אויסרימען, אויסגרייסן. א, די קינדער, תּלמידים, דעם רבּין אאַזוו. „...גאָט מײַן גאָט, דו בּיסט זייער גרויס, איך קאָן נישט א, און אויסדערציילן דײַנע מעשׂים“, מ. א. גליקמאָן, ספֿר בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898 פֿפֿ: א, ווי אַן

—
.
אייגענע מאַמע (מוטער), ווי אַ געדונגענער, ווי
אַ שדכן, ווי אַ חסיד דעם רבין. 2.
פֿאַרענדיקן לויבן. „איר האָט אויסגעלויבט די
משפּחה. וואָס זשע שווײַגט איר וועגן דער
כּלה?“.
אויסלויבעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקע (גוזמאדיקע) אויסלויבונג.
אויסלויבער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לויבט אויס, פֿאַרנעמט זיך מיט
אויסלויבן. „ער שרײַבט וועגן אים ווי אַ
געדונגענער א'“.
אויסלויגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלויגן. פֿווב.
אויסלויגן — טרוו. לויג אויס, ~געלויגט.
אויסווייקן אין לויג (אַש־וואַסער). א, די
שמאַטעס איבערנאַכט.
אויסלויזונג — די, ־ען. דזוו אויסלײַזונג ←.
אויסלויזן 1 — טרוו. לויז אויס, ~געלויזט.
(שנײַדערײַ) מאַכן פֿרײַער, לויזער, ווייניקער
ענג. א, דעם סטאַן, די פּאַכוועס אע.
אויסלויזן 11 — טרוו. לויז אויס, ~געלויזט.
דזוו אויסלײַזן ←. א, די העמדער, דעם קאָפּ.
אויסלויטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסלויטערן. פּפּ: ~ לײַטערונג.

אויסלויטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלויטערט. דזוו אויסלײַטערן ←, די געווייִנטלעכע פֿאָרעם. ספּעציעל: מאַכן דורכזיכטיק, קלאָר, דורך אָנווענדן באַזונדערן מיטל (כעמישן פֿאַר שטאָפֿן, פּסיכישן פֿאַר גײַסטיקע און אינטעלעקטועלע ענינים). „לויטער אויס די פֿליסיקייט, זי זאָל ווערן דורכזיכטיק“. „דער פּסיכיאַטער וועט אפֿשר העלפֿן א, זײַנע געדאַנקען“.

אויסלויכט, ~לײַכט — דער, ־ן. אַקט, פּעולה פֿון אויסלויכטן, אויסלײַכטן.

אויסלויכטונג, ~לײַכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלויכטן, אויסלײַכטן.

אויסלויכטן — טרוו. לויכט אויס, ~געלויכטן (אויך: ~געלויכט). מאַכן (זייער) ליכטיק, באַלײַכטן אַ צאָל. א, דעם גאַנצן וועג, אַלע ווינקלעך. א, די טעאָריע, דעם געדאַנקענגאַנג.

אויסלוינען — טרוו. לוין אויס, ~געלוינט.
געבּן לוין, בּאַצאָלונג, שׂכר צו אַ צאָל אָדער
פֿאַר אַ צאָל (זאַכן, טואונגען). א, פֿאַר יעדער
טובֿהלע. א, אַלע אָנגעשטעלטע.
אויסלוינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זײַן אַ
געווינס, רווחדיק, אין אינטערעסן פֿון טוער
(בּעל־דבֿר). „סע לוינט זיך אויס צו מאַכן אַזאַ
געשעפֿטל“. „נישקשה, עס (ער) האָט זיך אונדז
אויסגעלוינט„.
אויסלויער — דער, ־ס. 1. אָרט פֿון וואַנעט
מע לויערט. אַרויסקוקן פֿון א'. 2. אַקט פֿון
אויסלויערן.
אויסלויערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלויערן. „די א, ציט זיך צו
לאַנג„.
אויסלויערן — טרוו. ־ער אויס, ~געלויערט.
1. נאָכקוקן פֿון אַ בּאַהעלטעניש בּיז מע
דערזעט (דערגרייכט וואָס מע וויל). „די שלאַנג
לויערט אויס פֿרעש, יאַשטשערקעס, פֿיש אין
וואַסער“, ה. כאַצקעלנד, די נאַטור...און מיך
אַליין. 2. אויסשפּירן, אויסלאָקערן,
אויסטשאַטעווען. א, ווי אַ שפּיאָן. א, דעם פֿײַנד,
פֿאַרבּרעכער אאַ.
אויסלויערער — דער, ־ס. 1. ווער עס

לויערט אויס. 2. אַרמיי־אָפּטייל וואָס שפּירט אויס דעם שׂונא, אָדער וואָס איז באַהאַלטן און פֿאַלט אָן פֿון אַן אומגעריכטער זײַט.

אויסלוי ; — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסלויפֿן. 2. סכום פֿליסיקייט וואָס לויפֿט איבער. 3. (שנײַדערײַ) סכום שטאָף וואָס איז פֿאַרבויגן און מע קען אַרויסלאָזן, כּדי לענגער צו מאַכן דעם מלבוש.

אויסלויפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלויפֿן. אויסלויף.

אויסלויפֿן — אוטוו. לויף אויס, בין ~ געלאָפֿן. [אין לר: דענעבאָרג, גראָדנע, צום טייל ביאַליסטאָק און זייערע אומג,, אין לשון פֿון יונגן דור אויך פֿון אַנדערע לר צווישן ביידע וועלט־מלחמות — ה אָ ב אויסגעלאָפֿן].

1. ענדיקן זיך, אַוועקגיין (וועגן צײַט). ,,און, זיין שעה איזט אויז גילאָפֿין דאָז ער שטערבין זאָל,,, גה, 2. ,,ס'איז אויסגעלאָפֿן אַ יאָר און דער מאַן איז נישט צוריקגעקומען,,..

2. אַרומלויפֿן, אַרומדרייען זיך אָן אַרבעט. ,,און, די ג, גבאים זולין זעהן אויף דיא יונגן [= ישיבֿה־בחורים] דז זיא ניט אויס לויפֿן“, תּקק. ,,און, זיא זאָלן אירי טעכטיר דער הימן

[= אין דער היים] האַלטן, דאָש זיא ניט אויז לויפֿן,,, לט1, 2/54.

3. איבּערלויפֿן, איבּערגיסן זיך איבּער די ברענן פֿון אַ כלי (בּײַם קאָכן). ,,איך קען ניט אָרויס פֿון קיך, די מילך וועס מיר א'". ,,כלעבּן,

אויסלומען

בּעל־הבּיתטע־לעבּן, איך האָבּ גאָר קיין צײַט נישט, די יויך וועט מיר דאָ דערווײַל א'", עט, סערקעלע. אויו מעטאָנימיש. ,,דער מאַרו וועט מיר פֿון מײַנע קנאָכן א, אַזוי צעקאָכט בּין איך", אמד, מלכּה און הדסה, ווילנע 1869. ,,איז געשטאָנען אַ בּעט...געמאַכט אויף קינצלעכע שרויפֿן, דאָס זי פֿלעגט זיך אַלע ווײַלע צוזאַמענציִען און ווידער א'", אמד, דער קליינער בּעל־תּשובֿה, וואַרשע 1874.

4. אויסרינען (דורך אַ שפּאַלט). ,, אויסגעלאָפֿן בּײַ גרונמען דאָס גאַנצע פֿעסל וואַסער — און גיי שרײַ חי וקיים!", שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.

5. לויפֿן צו אַ צאָל מענטשן. א, צו אַלע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן אע.

6. אַקוזוו — לויפֿן אומעטום איבּער אַ

געוויסן שטח. „אויסגעלאָפֿן דאָס גאַנצע שטעטל, קוים מיט צרות געפֿונען...„, שע, אָרעמע און פֿריילעכע. „...אלי הײַזר זיא אויז לאַפֿין„, ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686. אויך מיט

▯

פּרעפּ א י ן: „ער איז אויסגעלאָפֿן...אין אַלע שולן, בתּי מדרשים...“, א. מ. קלאַפּ, אַ וואָלף אין שעפּסנפֿעל, וואַרשע 1899.

7. אײַנגעניטן, אײַנלערנען לויפֿן. א, (זיך) די פֿיס.

אויסלויפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַרומלויפֿן, זיך אָנלויפֿן אַ סך; אויסמאַטערן זיך פֿון צו פֿיל לויפֿן. „וואָס ער האָט (איז) זיך שוין הײַנט אויסגעלאָפֿן!“. 2. אײַנלויפֿן זיך: זיך אײַנגעניטן אין גיכן לויפֿן. טרײַבן די פֿערד, ביז זיי וועלן זיך א„. „מע קען ניט שפּילן פֿוטבאָל, איידער מע לויפֿט זיך ניט אויס“. 3. אויפֿהערן קענען לויפֿן. געלאָפֿן שעהן־לאַנג און זיך אויסגעלאָפֿן.

אויסלויפֿעניש — דאָס, ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסלויפֿן. 2. צעטומלעניש, מהומה. „וואָס זענען עס פֿאַר אַ געשרייען? וואָס פֿאַר אַן א'?“ 3. אָנווער פֿון כּוחות. „הייבט אָן שעלטן:...אַ כאָלערע!

אַ מיתה משונה! אַן א', אַן אײַנטריקעניש, אַן אײַנשרומפּעניש!", שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.

אויסלויפֿער — דער, ־ס. 1. דער וואָס לויפֿט אַרום, לויפֿט אויס. „מײַן זון דער א, זיצט קיינמאָל ניט אין שטוב". 2. פֿריש, דין ריטל; אָנהייב פֿון אַ צווײַג (וואָס וואַקסט אַרויס במשך פֿון איין יאָר). דינער אַרויסשפּראָץ פֿון אַ געוויקס וואָס וויקלט זיך אַרום (אַ שטענגל, אַן אַנדער געוויקס).

אויסגעצויגענער, געקירצטער א'.

אויסלויפֿערין, ־ערקע — די, ־ס. די וואָס לויפֿט אַרום, זיצט ניט בײַ זיך אין דער היים; אומרו. „דרום לויבט דער נבֿיא איין פֿרומי פֿרויא דיא אין אירס הויז בלייבט און שענד[ט] די פֿרויא דיא דאָ איז איין אויז לאפֿערן„„ לט1, 51/א. „זיא ווערט איין צנועה זיין אונ, קיין אויש לויפֿרן„„ מהמ, קמז/א.

אויסלוישפּערן — טרוו. ־פּער אויס, ~ געלוישפּערט. אַרכ. Mhd: lisPen. שטיל אַרויס.. זאָגן; אויסשושקען. „און אַ פּיצל בלימל האָט מיר אויסגעלוישפּערט ווי דו הייסט", סוצ, וואַלדיקט.

טרוו ־◌. קאַליע מאַכן,

צע◌

וורר. פּפֿ: ~גל
אויסלומען — אויס, ~געלומעט.
ומען.

אויסלומען זיך

קאַליעטשען, פֿאַרדאַרבן. א, די בולבעס אין קעלער. א, די בהמות. 2. אויסלאַכן, אָפּשפּאָטן. א, די יינגלעך וואָס זײַנען שוואַכער.
אויסלומען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסלאַכן זיך. א, זיך פֿון זײַנע סטראַשונקעס.
אויסל⸮מרן — [...לוימערן] טרוו. לומר אויס, ~געלומרט. 1. אויסריידן מיט אַלע פּרטים. 2. דזוו אויסלאמרן ←.
אויסלונק — דער, ־ען. אויסדריי, אַרויסדריי פֿון דעם ריכטיקן אָרט (וועגן אַ ביין, געלענק). אַ שווערער א'. פּפֿ: ~לינק.
אויסלוסקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געלוסקעט. 1. באַפֿרײַען פֿון שאָלעכץ. א, ניס, סעמעטשקעס, אַרבעס. 2. אַראָפּשאָבן, אַראָפּנעמען די שופּן פֿון פֿיש. א, דעם קאַרפּ.
אויסלופען — אַקוזוו. ־פּע אויס, ~געלופעט. אויסשטאַרן, אויסגלאָצן; ברייט צעעפֿענען די אויגן. א, אַ פּאָר (גלעזערנע, גרויסע,

התפּעלותדיקע, קעלבערנע אאַ) אויגן. „דער בן־יחיד זאָל ניט א, די חוצפּהדיקע אויגן זײַנע און ניט אַרויס מיט אַ געלעכטער„„ זש, דער ממזר.
אויסלופֿטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלופֿטערן. גרינטלעכע, ניצלעכע א,.
אויסלופֿטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלופֿטערט. 1. האַלטן אויף דער פֿרישער לופֿט (ווי אַ מיטל צו רייניקן). א, בעטגעוואַנט. *א, ספֿרים = בלעטערן זיי אויפֿן ווינט, אַרומשטויבן [מע פֿלעגט א, ספֿרים פֿאַר פּסח, אין אַנדערע מקומות צוויי מאָל אַ יאָר; מיט דעם האָבן זיך אָפּגעגעבן די מאַנצבילן אין דער משפּחה; ס'האָט געהאַט אין זיך פֿײַערלעכקייט און געווען דורכגענומען מיט דרך־ארץ צום ספֿר]. 2. אַרײַנלאָזן פֿרישע לופֿט; ווענטילירן. א, די שטוב, קאַמער אאַזוו. „דעם שליסל האָט ער מיר איבערגעגעבן, איך זאָל פֿון צײַט צו צײַט קאָנען זײַן וואוינונג א'“, ספּ, סודות. 3. אָפּפֿרישן (געדאַנק, שיטה) דורך דיסקוטירן, רעווידירן, דורך נײַעם צוגאַנג. א, (אַלטע) אידייען, טעאָריעס, שטרײַטיקע ענינים.
אויסלופֿטערן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. זיך

דורכגיין שפּאַצירן. ,,שלאָפֿן! באַלד טאַקע, אָבער נאָכדעם ווי מע לופֿטערט זיך אין דרויסן אַ ביסל אויס“, ממוס, שלמה. 2. זיך גײַסטיק אָפּפֿרישן. ,,ווען מע פֿאַרברענגט מיט אים עטלעכע שעה, פֿילט מען אַז מע לופֿטערט זיך אויס“. 3. זיך אויספּאַרען, זיך אויסדאַמפֿן. ,,...דער בענזין זאָל זיך קענען באַלד א'“, ש. שפּיראָ, קליידער־פֿארבערײַ, וואַרשע 1900.

אויסלושטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געלושטשעט. פֿרגל: ~לוסקען. 1. באַפֿרײַען קערן, קערנדל פֿון שאָלעכץ. פֿאַרענדיקן לושטשען. א, די סעמעטשקעס, ניסלעך. וורר. 2. אויסדרעשן. א, קאָרן, האָבער. פּר.

אויסלושען

— טרוו. ־שע אויס, ~ג□לושעט. וורר. אויך: ~גלושען, ~ה ושען. 1. פֿאַרטויבן דורך טומל, קלאַפּערײַ. א, די אויערן. די שיסערײַ האָט אונדז אויסגעלושעט. 2. איבערשטײַגן אין אַ געטומל. ,,די קאַנאָנען האָבן אויסגעלושעט די געשרייען פֿון די צעשראָקענע אײַנוואוינערס“.

אויסלושקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געלושקעט. דזוו אויסלוסקען ←.
אויסלהיימען — [...לעכאַ'ייִמען] טרוו. לחיים
אויס, ~געלחיימט. (שפּאַסיק) אויסטרינקען
און זאָגן דערבײַ לחיים. א, דאָס גאַנצע
פֿלעשל; א, דעם בראַנפֿן. „האָב זיך פּאַוואָלינקע
אויסגעלחיימט די גאַנצע בוטעלקע„, ‏)מחה
ברייטמאַן, די גליקלעכע שותּפֿות, וואַרשע 1882.
אויסל אָדעווען —, טרוו. ־דעווע אויס, ~
געי
ליאָדעוועט. אַרײַנברענגען, אָנפּאַקן אײַז. א,
דע ל ע ר, די ליאָדאָוונ לקעווען

י.
אויס אַ יע(נע)ן, ~ י
טרוו. ־ליע, ־קעווע אויס; ~געליאַליעט,
~געליאַלקעוועט. אויספּוצן ווי אַ ליאַלקע. א,
די מיידעלעך אין נײַע ייִדעלעך. „געוויסע
טיילן [בנין] זײַנען אויסגעליאַלקעוועט און
אויסגעצירט“, ימ, ייִשפּ I, 4.
אויסליאַמעווען — טרוו. ־מעווע אויס, ~
געליאַמעוועט. פּר. 1. אַרומזוימען די ברעגן
פֿון אַ מלבוש מיט אַ טאַשמע, בענדל, שטיקל

שטאָף (פֿון דער אינעווייניקסטער זײַט). א אַ

,

קליידל. 2. קאָנטיק, בולט מאַכן ברעגן,
אַרומרינגלונג. א, די אויגן מיטן וויינען.
אויסליאַמעיען — טרוו. ־מעיע אויס, ~
געליאַמעיעט. פּר. (שנײַדערײַ) דזוו אויסל
אַמעי

ווען, בּ1 ←.
אויסליאָס(ע)ן, ־סעווען — טרוו. ליאָס(ע,
עווע) אויס, ~געליאָס(ע, עווע)ט. פּר.
אויסוואַרפֿן גורל. „שרײַ ניט, דו קומסט לעצט —
מע האָט עס אויסגעליאָסעט“.
אויסליאַפּטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געליאַפּטשעט. פּר, אוקר. אויסזופּן, אויסכליאָבען
(ווען חיות, בהמות).
אויסל(י)אַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געל(י)אַפּעט. 1. אויספּאַטשן, געבן מיט דער
לאַפּע אין פּנים אַרײַן. א, אים די (טרייפֿענע)
מאָרדע. 2. אומגעלומפּערט אויסגיסן
פֿאַר,

גיסן; באַגיסן. א, אויף אים די פּאָמויניצע. ליימענע הענט ליאַפּען אויס ס'געקעכטס.
אויסליאַקירן —־ טרוו. פר. דזוו אויסלאַקירן ←.
אויסליאָקן — טרוו. ליאָק אויס, ~געליאָקט. האַלטן (טונקען) אין ליאָק, הערינגראָסל. א אַ

,

רעפּטל ברויט.
אויסליאָקן זיך — אוטוו. ← דפּוו. ליגן אַ (לענגערע, איבעריקע) צײַט אין הערינגראָסל. „דער הערינג האָט זיך צו פּיל אויסגעליאָקט און איז אוליק„.
אויסליאַרעמען — ־עם אויס, ~געליאַרעמט. אוטוו — (מיטאַמאָל, פּלוצעם) אָנהייבן ליאַרעמען, טומלען. א, אָן אַ שום סיבה. טרוו — אויספּויקן, אויסדערציילן (און מאַכן מיט דעם אַ טומל). א, דעם סוד, די גאַנצע מעשׂה אאַ.
אויסליבן — טרוו. ליב אויס, ~געליבט.
1. ליב האָבן אַ צאָל. א, אַזוי פּיל מיידלעך און מיט קיינער ניט חתונה האָבן. 2. אויפהערן ליב האָבן. דטשמ. „נו, איך האָב געליבט און אויסגעליבט“.
אויסליבן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. ליב האָבן אַ צאָל. א, זיך מיט אַלע מיידלעך פון

שטעטל. 2. אויפֿהערן ליב האָבן. „ער האָט
גיך זיך פֿאַרליבט און גיך זיך באַרעכנט...
און גיך זיך אויסגעליבט“, שושנה, פּאָר.

אויסליובען זיך

אויסליבעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסליבן זיך. געדויערדיקע ליבעניש. אַן א,
אויף יאָרן און יאָרן.
אויסליגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסליגן (זיך).
אויסליגן — ליג אויס, בין ~געלעגן [האָב
~געלעגן ווי האָב אויסגעלאָפֿן — ←
אויסלויפֿן].
אוטוו — זײַן אין בעט איבעריקע צײַט;
ליגן אַ לאַנגע צײַט. א, אין בעט ביז צוועלף
בײַטאָג.
אַקוזוו — זײַן אין בעט די נייטיקע צײַט
(בײַ אַ קראַנקייט פֿאַרמאַטערטקייט). אַ קרענק
,
דאַרף מען א'. *א, די זײַטן = ליגן ביז די
זײַטן הייבן אָן וויי צו טאָן.
טרוו — עפּעס אויפֿטאָן, דערגרייכן דורכן
ליגן. „וואָס זשע וואַלגערסטו זיך דאָ אין דער

אַכסניא, פֿוילע בּריאה? וואָס ווּעסטו א, אין אַזאַ לאָך?“, ממוס, אין אַ שטורעמצײַט.
אויסליגן זיך — אוטוו. 1. רואיק, אָן זאָרג ליגן אַ לענגערע צײַט. זיך א, אויף דער קאַנאַפּע און לייענען. 2. ווערן בּעסער, טײַערער דורך לענגערן ליגן. „די בּאַרנעס וועלן זיך א, און זיי וועלן ווערן ווייכער און געשמאַקער“. „ס'איז אַ סחורה וואָס ליגט זיך אויס“ [און דער מקח שטײַגט], שע, לכּבֿוד יוס־טו .
אויסליגנערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געליגנערט. אויסטראַכטן (אַ סך) ליגנס; קונציק צוטראַכטן אַ ליגן. „[זי] האָט געזוכט תּירוצים, אויסגעליגנערט סיבּות, און דערבּײַ האָט איר זיך אויסגעדאַכט אַז אַלע טאַפּן דײַטלעך אָן

די גראָבּע שקרים אירע“, הר, הרודעס.
אויסליגעוודיק אדי. וואָס קען (דאַרף) אויסליגן, אויסליגן זיך. א'ע עפּל, סחורה. א'ע ווייטיקן.
אויסליגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס א דער זולטאַט פֿו ..ער — טרוו ־דל, ־ער

ן .
אויסליגן (זיך).
יסליד ~ל
ען,
י

אויס; ~געלידלט, ~געלידערט. אויסדריקן עפּעס (געפֿילן, איבערלעבונגען) דורך לידלעך, לידער. (אויך איר). „דאָס פֿאָלק האָט אין פּשוטע מאָטיוון אויסגעלידלט זײַנע פֿריידן און ליידן".

אויסלידלען, ~לידערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניט קענען (ווען) מער זינגען אָדער (שאַפֿן) לידלעך, לידער. איך האָב זיך שוין אויסגעלידלט.

אויסלידן — טרוו. ליד אויס, ~געלידט. נעאָל. דורך אַ ליד אַרויסברענגען עפּעס. „איך וויל דיר א, אַ תּפֿילה מיט די שוואַרצע פֿידלדיקע גרילן", י. נ. גאָטליב, 1957.

אויסלידן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. נעאָל. ניט קענען מער זינגען (שאַפֿן) אַ ליד; זיך אויסליידיקן פֿון פּאָעטישער שעפֿערישקייט. „אָ, ס'איז נישט אין מײַן בלוט אַ רואיקער געמיט. ביסטו שוין, מײַן ליד, קאַפּוט? האָסט זיך שוין אויסגעלידט?„ ב. לאַפּין, פֿולער קרוג.

אויסליובען — טרוו. ־בע אויס, ~געליובעט.
1. דזוו אויסליבן ←. 2. אויסצערטלען.
אויסליובען זיך — קזוו. ← דפוו. 1. ליבן
זיך קעגנזײַטיק אַ לענגערע צײַט; צערטלען
זיך. "די קושוואָך האָט זיך בײַ זיי קיינמאָל

אויסליובעניש

ניט געענדיקט, זיי האָבן זיך אויסגעליובעט
ביז אין עלטער אַרײַן", רייד. 2. אויפהערן
ליבן זיך. „שוין, זיך אויסגעליובעט, מע שעלט
זיך שוין!".
אויסליובעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
אויסליבעניש (איר בײַטעם). „אין מיצקע דערינען
גאָר קושן זיך און האַלדזן זיך. אַן א, אויף
זייערע קעפּ!„.
אויסליווערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסליווערן. גיכע,
באַצײַטנדיקע פֿאַרשפּעטיקטע אאַ א'. פּינקטלעכע,
ראַיע,
לע, פֿאַלשע אאַ א'.
אויסליווערן — טרוו. ־ווער אויס, ~
געליווערט. 1. צושטעלן סחורה (לויטן אָפּמאַך,
אויף אַ באַשטימט אָרט). א, אַ פּאָר וואַגאָן

תּבוֹאה. „סחורות...אורדינירט הבֿ דיר נגד דײַן פּטורים אויז צו ליוורן“, י. מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. 2. אַרויסגעבֿן, איבֿערגעבֿן; איבֿערענטפֿערן. א, דעם פֿאַרבֿרעכער אין די הענט פֿון פּאָליציי. א, די געפֿאַנגענע. א, דעם שׂונא (דעם טויט) אין די הענט אַרײַן.

אויסליוכטען — טרוו. ־טע אויס, ~געליוכטעט. לר, וורר. מאַכן ליוכטע(ס), עפּענונגען פֿאַרן רויך. “עס רייכערט, ווײַל מע האָט ניט ריכטיק אויסגעליוכטעט דעם אויוון„.

אויסל(י)וליע(נע)ן — טרוו. ־ליע אויס, ~געל(י)וליעט. אויסזינגען וויגלידלעך; אײַנוויגן, אײַנשלעפֿערן מיט ליו־ליו. א, דאָס עופֿעלע.

אויסליולקעווען — [ל פֿאַר ק אויך וו ייך] ־עווע אויס, ~געליולקעוועט. אוטוו — כּסדר רייכערן אַ ליולקע; פּיפּקע(ווע)ן. „ער לאָזט ניט אַרויס די ליולקע אויסן מויל אַ גאַנצן טאָג. ווי ער ליולקעט אויס!“, רייד. טרוו — פֿאַרניצן דעם גאַנצן אָנגרייט טאַבֿעק רייכערנדיק אַ ליולקע. א, אַ פֿונט טאַבֿעק.

אויסליטאָגראַפֿירן — טרוו. ־פֿיר אויס, ~ליטאָגראַפֿירט. אויסדרוקן אויף אַ ליטאָגראַפֿישן אופֿן (מיט גראַווירונגען אויף אַ

שטיין) אַ צאָל זאַכן. א, אַפּישן, בילדער אאַזוו.
א, אין עטלעכע קאָלירן.

אויסליטווישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסליטווישן. „די א, פֿון די שטעט איז געווען אויפֿן חשבון פֿון ייִדישן קרעמער און בעל־מלאָכה“.

אויסליטווישן — טרוו. ־וויש אויס, ~ געליטווישט. (אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע צווישן ביידע וועלט־מלחמות). מאַכן עס זאָל זײַן מער, בולטער ליטוויש. א, די שטעט וואָס זײַנען פֿריִער געווען פֿאַררוסישט אָדער פֿאַרפּוילישט.

אויסליטעראַטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~(גע)ליטעראַטעוועט. איר וועגן פּרוּוון שרײַבן ליטעראַריש, שאַפֿן ליטעראַרישע ווערק. אויסקוועטשן, א, אַן אַרטיקל; א, אַ בדחניש לידל אע. [נעאָל, פֿון אַ שמועס אין נ״י.]

אויסלײַ — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסלײַען. קורץ־ אָדער לאַנגטערמיניקער א,. „דער א, פֿון ייִדישע און העברעאישע ביכער אין ביבליאָטעקן“, ייִבל, XXI.

אויסלייג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסלייגן.

2. אײַנגעשטעלטער, אָנגענומענער אופֿן פֿון
שרײַבן ווערטער מיט די געהעריקע אותיות,
אויפֿן סמך פֿון פּראַקטיק אָדער תּקנות,
באַשטימטע פֿון אַ מאַכט אָדער אויטאָריטעט;
אָרטאָגראַפֿיע פֿ אָ נ ע ט י ש ע ר א, =
.
געבויט אויפֿן פּרינציפּ פֿון איבערגעבן
מערווייניק פּינקטלעך די קלאַנגען פֿון לשון אַזוי,
אַז דער זעלביקער קלאַנג זאָל תּמיד באַצייכנט
ווערן מיט דעם זעלביקן אות, אַז יעדער אות
זאָל באַצייכענען נאָר איין קלאַנג. ה י ס ־
ט אָ ר י ש ע ר א, = געבויט אויפֿן פּרינציפּ
פֿון אָפּהיטן דורותדיקע טראַדיציע פֿון שרײַבן
און דרוקן. מ אָ ר פֿ אָ ל אָ ג י ש ע ר א,
= וואָס גיט קלאָר איבער דעם
מאָרפֿעמענבאַשטאַנד פֿון ווערטער. אַ ל ט ע ר
ייִדישער א, = דער מער־ווייניק סטאַבילער א, פֿון
דרוק אין 16., 17. און גרעסטן טייל 18. יה.
[די ערשטע א'־תּקנות שטאַמען פֿון 1514].
ד ײַ ט ש מ ע ר י ש ע ר א, = וואָס פּאַסט
זיך צו צום א, פֿון נײַהויכדײַטש. מ אָ ד ע
רנ ע ר (נײַער) א, = אויף פֿאַרשיידענע

אופֿנים רעפּאָרמירטער א, [זינט טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, 1908]. נ אַ ט ו ר אַ ל י ז י ר ט ע ר א, = ווען ווערטער וואָס שטאַמען פֿון לק ווערן אויסגעלייגט ווי אַלע אַנדערע ווערטער. ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר א, = וואָס איז געווען אָנגענומען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (די 'נאַטוראַליזירונג, פֿון די ווערטער פֿון לק, אָן שלאָס־אותיות און אַנדערע קלענערע באַזונדערקייטן). י יִ ו ו אָ ־ א, = אין די אויסגאַבעס פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, איינגעשטעלט אין פֿאָרעם פֿון תּקנות אין 1935, מיט געוויסע שינויִים אין 1936. "דער א, גאָר אַן אַנדערער, דער לשון ווי פֿאַרשטעלט, ווי ס'וואָלט אַרײַן אַ וואַנדערער פֿון ווײַטער־נאָענטער וועלט", אר. [וועגן א, פֿון גרויסן ווב ← הקדמה].

3. אַדערויף, אַוואַנס, דאָס ערשטע איינגעצאָלטע געלט בײַ אַ קויף, אָפּמאַך. קליינער, גרויסער א'. 4. געלט וואָס איינער צאָלט אויס פֿאַר אַ צווייטן. „איך וועל אײַך מאַכן (געבן) דעם א, און איר וועט שפּעטער מיר אָפּגעבן". 5. אויסטײַטש, באַשייד (פֿון אַ חלום). „דער איין חלום גיזעהן האָט, און, ער...ווישט די אויש ליג ניט פֿון דען חלום",

מהמ, צח/א. 6. סדר, אַראַנזשירונג.
אויסלייגונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלייגן (מיט אַלע בּבֿ). „און
זאָלסט אַרײַנבּרענגען דעם טיש און
אויסלייגן זײַן א'“, תּי, ש מות מ, 4 ['וערכתּ את
ערכּו']. 2. בּאַשיידונג (פֿון חלום). מלל
פֿאַרטײַטשט 'את מספּר החלום ואת שברו, (שופֿטים
ז, 15) — א'. [תּי: בּאַשייד]. 3. אויסטײַטשונג.
„און, דז איז איינש פֿון די אויז ליגונג פֿון
דיא זיבּציג ארלייא אויש ליגונג דיא דא איז
צו דער תּורה“, מהמ, לו/א. 4. דערציילונג,
אופֿן דערציילן. „...דרויף אלי מול דיא אויז
ליגונגען בּטייטן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ, תּמ,,ז.
אויסלייגן — טרוו. לייג אויס, ~געלייגט.
1. צעלייגן אויף אַ צאָל ערטער, אָדער אויף
איין אָרט אין אַ געוויסן סדר; אויסשטעלן,
אַוועקלייגן אַ צאָל זאַכן פֿונאַנדערלייגן. א,
,
צו ווײַזן, דעמאָנסטרירן אע; א, (האָלץ, וועש

אויסלייגן

אאַ) צו טריקענען. „דערווײַל הייסט זי זיך
אַ פּאָר מאָל אַ וואָך א, די קליידער מיט דער

צירונג אויף די שטולן", פרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. „...לייגט אויס די מצות, די
אייער, די וואורשטלעך כשר־לפּסח מיטן ביסל
משקה", שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. "דער פּאַסיאַנס,
וואָס די טאָכטער פֿאַרענדיקט א„ דאַרף האָבּן
אין דער לעצטער שורה פֿיר מלכים", בערג,
בײַם דניעפּער II. *א, (ווי) אויף אַ טעלער
= מע זאָל גרינג דערזען (פֿאַרשטײן). *א,
אויף אַן אַנדער (אַנדערע) טעלער(ל) =
דעמאָנסטרירן די זעלביקע זאַך אויף אַן אַנדער
אופֿן. „דאָס ספֿר איז דער ברונען פֿון וועלכן
[מע] האָט דערנאָך געשעפּט געדאַנקען...און
זיי אויסגעלייגט אויף אַנדערע טעלערלעך",
ממוט, סגולה. *א, (אין) קאָרטן =
אויסטאַלירן, געבן (נעמען) קאָרטן און לויט זיי
פֿאָרויסזאָגן וואָס עס וועט געשען. *א, וואָס אין
דער (אַ, דער בײזער) קאָרט שטייט (שטעקט)
— אויסרעכענען חסרונות. פֿאָרויסזאָגן
אום—
גליקן; זידלען, שעלטן.
2. אַוועקלייגן פֿאַר די אויגן,
אַרויסשטעלן, אַרויסלייגן. א, סחורה צו פֿאַרקויפֿן.
„דער גבֿיר האָט אויסגעלייגט פֿאַרן בחור
דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער שווערער

גאָלדענער קייט", פּב. „דאָס קופּקעלע קופּערגעלט, וואָס לייבּע דער וואָכערניק האָט... פֿאַר אים אויסגעלייגט, האָט אים אָנגעקוקט ווי מיט חוזק", אר, 'לײַכטער'.

3. פֿונאַנדערשפּרייטן. א אַ לײַלעך אויפֿן

,

גראָז, א, טעפּעכער. „מע לייגט אויס אַ נעץ אין הימל — עפּעס כּישופֿט זיך אין דרימל", סעג, ,קרימער נעכט'.

4. אַרויסווײַזן, בּאַווײַזן, אַנטפּלעקן. א, קענטעניש. א, די (זײַן) גאַנצע תּורה. „אָ בּחורל אַ משׂכּיל פֿון אַ פֿרעמדער שטאָט, קומט צווישן מענטשן, בּאַדאַרף ער א, וואָס ער האָט„ שע פֿונעס יאַריד II.

,

5. דערציילן אַ סך מיט פּרטים; אויסדערציילן. א, וואָס עס האָט געטראָפֿן. א, ווער, וואָס און ווען. „נאָך אַ לאַנגן בּעטן האָט [ער] גענומען א, פֿאַרן פֿרעמדן אַ מעשׂה נאָך אַ מעשׂה", אר. „ט'האָסטו דיר! גיי לייג אויס פֿאַר יאָסלען ווער איז די ייִדענע", בּערג, בּײַם דניעפּער. „מיט גרויס רשעות האָט ער אַלץ אויס גילייקט אַזעלכי שקרים וואָס עס איז ניט צו בּשרייבּן", ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהרן.

6 פֿונאַנדערוויקלען (אַ צאָל פּונקטן,

פּרטים); געניי אויסרעכענען, אָנצייכענען. א,
אַ פּלאַן, מאַרשרוט, סטראַטעגיע אע. א,
טענות פֿאַראיבל(ס) אאזוו. *א, דעם וועג =

,
געניי אָנווײַזן וואו צו גיין. *א, (ווי) אויפֿן
טיש = ברייט און געניי אַרויסברענגען
(טענות, אײַנווענדונגען אע). ״שפּינאָזאַ למשל
זאָגט אַנדערש — האָט ספּיר געגומען א אַן
אַנ,
דער טעאָריע,,, אר. ״אָט וועגן דעם...איז צופֿרידן
געווען ראָזע, וואָס זי קען דאָ א, פֿאַר אים
אירע פּלענער״, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק.
,,זי הייבט גלײַך אָן אויסצולייגן אַלץ מיט וואָס
זי איז צו אים פֿון דער אָרגאַניזאַציע
געקומען״, בערג, בײַס דניעפּער II.
7. אויסטײַטשן, מסביר זײַן; אָננעמען. א,
עמעצענס רייד (מעשׂים). ,,מע זאָל אַלץ צום גוטן

אויסלייגן

א'״, שוו. ,,עז זיין איטליכי וועלשי ווארטו...
וויל איך זיא אויז ליגן ווײדליך,,, בבֿא־בוך,

הקדמה. „זא האבֿין עז שׂונאי ישׂראל לרעה אויז גלייגט אונ, גיזאגט...„, כּ„י וועגן מעצער עלילת־דם פֿון 1669, [פֿש III]. „די וואָס זענען ניט קיין בּני אמונה...לייגן אויס די תּורה אויף מינות“, נוצ II. „היר מיט וויל איך נון מיין אנדיר ספֿר אַך בּשליסן אונ, בּיט דאַך אַל דיא דאז לייאין [= לייענען] מיר מיין שטות אין גוטין אויז צו ליגין“, גה, 74. „דו בּאַדאַרפֿסט, זאָג איך צו איר...תּמיד א, צום ערגסטן“, שע, טבֿיה. „פֿאַרוואָס זאָלסטו א, זײַנע רייד פּונקט פֿאַרקערט, אים יסורים אָנצוטאָן„, יד, אבֿן נגף. *א, צום גוטן (צום בּייזן) = אויו: א) אָננעמען (אומוויכטיקע) פֿאָרקומעניש, געשעעניש ווי אַ גוטן (שלעכטן) סימן. „ער האָט אָבער ניט געפֿונען [דאָס בּיכל] און ער האָט עס אויסגעלייגט ניט צום גוטן“, אר. בּ) אויסזוכן, פֿאָרויסזאָגן נאָר דאָס גוטע (שלעכטע). „הוי דן כּל אדם לכף זכות: דש מיינט, דוא זאלשט איינם איטלכן ...אלי זייני עסקים צו גוטן אויז ליגן“, לט 1, 85/2. „און דאָס פֿערדע איז אַז ער זאָל מיט אַלע מענטשן גוטס טאָן און צו זיי גוטס ריידן און וואָס איינער טוט — זאָל ער עס צו גוטס א'“, חה, בּ/87. *א, לטובֿה =

א, צום גוטן. „מ'האָט עס אָבער נישט געגלייבט
אָדער מ'האָט עס או סגעלייגט לטובֿה, דער
צדיק ווייסט וואָס ער טוט„, [חיים מאַלאַגאַ],
'גדולת ר, וואָלף, [יפ]. א, שוואַרץ אויף ווײַס,
טשאַרנאָ נאַ ביאַלאָ = זייער קלאָר דערקלערן.
8. אויפֿקלערן דעם זינען (פֿון אַ חלום),
פּותר חלום זײַן. א, אַ חלום צום גוטן, צום
בייזן. „ער האָט געזען...ווי יוסף האָט דעם
חלום רעכט אויסגעלייגט“, צור, וישבֿ.
9. (בײַם בויען) לייגן האָריזאָנטאַל. א,
באַלקנס, ברעטער; א, דעם פֿונדאַמענט פֿון
(מיט) שטיינער; א, דעם פּאַרקעט, דעם דיל
מיט פּאַרקעט. „און אפֿשר שוין בײַ פֿענצטער
שטעלן, צי גאָר בײַם א, די שוועלן — פֿון
הימל וועט אַראָפּ אַ פֿײַער...“, י. ראָלניק,
געקליבענע שריפֿטן. „מע האָט אויסגעלייגט
רעלסן, אַראָפּגעבראַכט וואַגאָנעס„, שע, אָרעמע
און פֿריילעכע I. „למאַי ער קען א, אויוונס
אויך?„, שע. [= מאַכן אַ גלאַטיקן דנאָ (
באָדעם) אין אויוון, וואו מע זעצט אויס ברויט,
חלה].
1O. (שנײַדערײַ) אונטערבעטן, אונטערלייגן.
א, וואַטע פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן.
11. באַצאָלן אין פֿאָרויס; אַרײַנלייגן געלט

אין געשעפֿט. "האָבֿ מיט איר דאָ פֿון [= דערפֿון] גירעט דש אונש ניט אפֿשר איז סך כזה אויש צו ליגן", גה, 348. „דער אַרענדאַר וויל שוין מער קיין געלט נישט א'", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

12. געבֿן געלט פֿאַר אַ צווייטן (ס'רובֿ אַנטלײַען). „...און, האָבֿן פֿון דאָרט איין שליח גישיקט צו אײַך, זאָלט אים בּיהילפֿיג זיין און, אויש ליגן הוצאות", פּראָגבֿ, 16. „האָט איינר ניט אויז צו ליגן אויף הוצאות [פֿון שבת אָדער יום־טובֿ] אנטלייא ער אויף מיך [= זאָל ער זיך פֿאַרלאָזן אויף גאָט] איך וויל אלש בּיצאָלן", לט1, 1/59. „דו דאַרפֿסט פֿאַרן

רבּש"ע אויסלייגן — לייג אויס פֿאַר אים, דו גיבֿ. ער איז אַ בּטוח", (רייד, פֿון אַ מגידס אַ דרשה).

13. אָנשרײַבֿן (דרוקן) ווערטער מיט די געהעריקע אותיות (געוויינטלעך לויטן אײַנגעשטעלטן, אָנגענומענעם אופֿן). אָנרופֿן די אותיות פֿון ווערטער. א, ריכטיק, פֿאַלש. „'און א, 'ויטראָ, [ויקראָ] קענסטו?, ווייס איך נישט

וואָס א, איז, פֿרעג איך... — 'ווי אַזוי שרײַבט מען ויקראָ?,... און איך רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן", פּרץ, מײַנע זכרונות.
14. אַוועקלייגן, אַוועקוואַרפֿן אויף דער ערד (בײַם ראַנגלען זיך); באַזיגן אין געשלעג. אויסהרגענען. „מיט איין פֿינגער קען איך אײַך א'!". „אַ סך האָט מען אויסגעלייגט? — פֿרעגט אים טאַמאַרע — וויפֿל? צען מענטשן? צוואַנציק?,,, שע, אין שטורעם. 15. מסרס זײַן, קאַסטרירן (וועגן בהמות). דער טאָטער וועט א, אונדזער זשערעבטשיקל. 16. פֿאַרגוואַלדיקן, וואול. (אין לשון פֿון אונטערוועלט).
אויסלייגן — דאָס (דער). מצ נב. דזוו אויסלייג. מלל פֿאַרטײַטשט 'פּשר דבֿר, (קהלת, ח, 1). א, [תּי: באַשייד]. „ער לערנט זיך נאָך צו אַ ביסל גראַמאַטיקע און א',,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אויסלײַגן — טרוו. לײַג אויס, ~געלײַגט. אויסטראַכטן ליגנס, זאָגן אַ סך ליגנס. „וואָס ער האָט דאָ אויסגעלײַגט אין איין אָוונט!".
אויסלייגן זיך — אוטוו. לייג זיך אויס, זיך ~געלייגט. 1. סתּם זיך אַוועקלייגן, זיך צעלייגן אין אומאָרדענונג. „שכנים אַ גאַנצע

קופּע לייגן זיך אויס אין דרויסן, יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע אינאײנעם“, ממוס, ווינטשפּ.

2. זיך בּאַווײַזן און פֿאַרבּלײַבּן אויף אַ געוויסער צײַט (וועגן אויסדרוק פֿון געפֿילן). אַ שמייכל (זאָרג, טרויער אע) לייגט זיך אויס אויפֿן פּנים. „אויף איר שיינעם ווײַסן שטערן האָבּן זיך פּלוצעם אויסגעלייגט מיטאַמאָל עטלעכע טיפֿע, טיפֿע קנייטשן„, שע, אידישע ראָמאַנען. „בּלאַסע שאָטנס האָבּן זיך אויסגעלייגט אַרום איר שיין געשלאָסן מויל“, בּערג, בּײַס ד[יעפּער II.

3. דזוו בּ2 (וועגן נאַטור־דערשײַנונגען). „די ערשטע שנייען האָבּן זיך אויסגעלייגט אויפֿן דערשלאָגענעם שטעטל„, בּערג, נאָך אַלעמען. „און אַז דער ווינט האָט זיך אײַנגעלייגט און די זון איז אינדערפֿרי אַרויס, האָט אויף אַ שויבּ זיך אויסגעלייגט...“, י. ראָלניק, געקליבּענע שריפֿטן. די היץ ▯.יגט זיך אויס איבּער די גאַסן.

4. האָבּן די געהעריקע אותיות בּײַם אָנשרײַבּן. „ווייסט ניט ווי עס לייגט זיך אויס 'תּוכחה'? — מילא, זאָלסט פֿון קיין תוכחה ניט וויסן!“, רייד.

5. (שפּאַסיק) אויפֿהערן לייגן אייער. „אַ הון וואָס לייגט גילדערנע אייער, מע קוילעט איר ניט, ביז זי האָט זיך שוין אינגאַנצן אויסגעלייגט“, אמד, שוד ורצח, ווילנע 1880.
אויסלייגעכץ — דאָס, דער, ־ן (־ער) דזוו אויסלייג; דאָס אויסלייגן.

אויסליידיקן

אויסלייגעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסלייגן (זיך). 2. דזוו אויסלייג, בּ2. „איך שרײַבּ מיט דעם לשון און א, פֿון דעם מאַנוסקריפּט“, ליטוו. 3. מצבֿ, לאַגע. פּטמ. „דו ליבּער הער גאָט, דו ווייסט דאָך וואויל מײַן א'...און דו ווייסט וואָס מיר ▯.יטיק איז,„ איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו, 1881.
אויסלייגער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסלייגן. אַן א, פֿאַרן אויסשטעל־פֿענצטער. א, פֿון ציגל. א, פֿון חלומות, געלט אאַזוו. א, פֿון בּהמות. אין לשון פֿון אונטערוועלט: פֿאַרגוואַלדיקער. „איז מיר ווי אַ בּליץ אַרײַן — דער געדאַנק, אָט דער טרעפֿער, דער א, וואָס זיצט אין דעם

מענטשנס האַרץ...,,, ממום, שלמה.

אויסלי־ גערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט, באַשעפטיקונג פון אויסלייגער. חלומות־א'. פאַרקעט־א'.

אויסלייגעריש — אַדי. וואָס האָט די אייגנשאַפט פון אַן אויסלייגער.

אויסלייגשטול — דער, די, ־ן. שטול אויף צו זיצן און ליגן [אויף אַ דעק פון אַ שיף, אַ זומערוואוינונג, לאָנקע, טעראַסע, באַלקאָן אאָזוו]. ,,זי איז געזעסן אין דער א, האַלב ליגנדיק‘‘, דעמבלין, צוויי און אַ דריטער.

אויסליידיקונג — די, ־ען. פראָצעס אָדער רעזולטאַט פון אויסליידיקן. ,,אַ שווערע גזירה צו פאַרדאַרבן די זיצער פון דער ערד מיט פאַרדאַרבונג, און מיט א', און פאַרשנײַדונג,,, מחזור לראש־השנה, סלאַוויטע 1832.

אויסליידיקן —, טרוו. ־יק אויס, ~געליידיקט.

1. צונעמען, אַוועקנעמען וואָס עס איז אויף אַ באַשטימט אָרט, אין אַ געוויסער זאַך. ,,האָס זיך זלמן גנש ואר שליכן אין מיין חדר אונ, דיא שאַכטל מיט דיא כתבים אויש גילידגט‘‘, גה, 355. ,,דורך דעם שטעקן מיט דער ברענענדיקער ליכט, וואָס מע טוט אין דער באַנקע, ווערט זי...אויסגעליידיקט פון דער לופט‘‘,

ממוס, שלמה. *א, די (אייגענע) קעשענע = אויסגעבן דאָס גאַנצע געלט. *א, די (פֿרעמדע) קעשענע(ס) = צונעמען, צוגנבֿענען געלט.
*א, די שטובֿ = אויך: אויספּאַרקויפֿן מעבל.
*א, דעם מאָגן = מאַכן אָ קאַנע, געבן אָפּפֿירמיטל.

2. אויסשעפּן. א, אַ ברונעם. „מע קען דעם ים ניט א׳“, שנו.

3. אויפֿעסן אַלץ פֿון אַ כלי, אויסטרינקען אַלץ. א אַ טאָפּ, שיסל אאַ. „מע האָט ניט
,
אויפֿגעהערט צו וואַרפֿן גאַלקעס און א, פֿלעשלעך“, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.

4. אויסרייניקן. „דרום [זענען] די פֿרומע לײַט...נאָכגעגאַנגען נאָך די געבערג, כּדי זיי זאָלן קערן זייערע הערצער און א, זיי צו גאָטס דינסט“, חה. „און זי וועט ווערן ריין, כּלומר זי וועט ווערן אויסגעליידיקט פֿון אַלעם בייזן“, ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבערג 1887. *א, דאָס (אייגענע) האַרץ = אויסדריקן נעפֿילן, אַרויסברענגען וואָס עס דריקט. *א, (עמעצנס) האַרץ = אָפּטייטן געפֿילן אין אַ צווייטן. פֿאַרשאַפֿן ווייטיק. „דער בחור האָט

זי אָפּגענאַרט און אויסגעליידיקט איר מיידלש

אויסליידיקן זיך

האַרץ״. *א, דעם אויער = געבֿן נאָך אַ מאָל
די זעלבֿיקע עצה (לאָקל, זדהt־לבֿן).
5. באַפֿרײַען. ,,...טראָגט אין איין האַנט אַ
כּלי מיט וואַסער און אין דער אַנדערער האַנט
אַ כּלי מיט גוטן אייל, און ער דאַרף נייטיק
א, איין האַנט...[זאָל ער] אַוועקוואַרפֿן די כּלי
מיט וואַסער״, לט2, 1/97. ,,און זײַ אין די
תּפֿילה מכוון נאָר איין כּוונה...און ליידיק אויס
דײַן גוף פֿון אַלע דײַנע אַנדערע תּנועות,,, חה.
6. אַרויסוויזן, אַרויסברענגען (אַלץ וואָס
מע קען). א, די גאַנצע חכמה. ,,ער האָט זיך
געוואָלט אויספּײַנען פֿאַר אים...האָט ער
אויסגעליידיקט זײַן גאַנץ וויסן,,, ש. סײמאָן,
צווײַג1.
7. אָפּגעבֿן אינגאַנצן, מקיים זײַן ביזן סוף.
פּטמ. א אַלע צוזאָגן. ,,איך וועל אײַך א, די
,

בּרכה ביז גענוג,,, איין נײַע שס תּחנה,
פּיעטריקאָוו, 1881. [< מלאכי, ג, 10: 'והריקותי'

לכם בּרכה'.]

אויסליידיקן זיך — ← דפֿוו. 1. ווערן
ליידיק, פּוסט. אויפֿהערן זײַן. „מיט דער
עמאַנסיפּאַציע...האָט זיך דאָס ייִדישע
זעלבּסטגעפֿיל אויסגעליידיקט“, קאָראַלניק, שריפֿטן II.
2. גיין אויף נקבֿים, טאָן נאַטירלעכע
באַדערפֿענישן.

אויסלײַדן — טרוו. לײַד אויס, ~געליטן.
איבּערטראָגן צרות, אויסהאַלטן, בּאַשטיין. וואָס
זי לײַדט עס אויס פֿון אים! „ווער קאָן א, דעם
טאָג פֿון זײַן קומען“, לט2, 1/30. „און איובֿ
האָט דעם צער אויסגעליטן, און ער איז ניט
פֿאַרענדערט געוואָרן מיט זײַן גלייבּונג“, חה,
334. „ער האָט פֿרייד און דאַנק פֿאַרדינט;
אויסגעליטן אַלע גרענעצן...„, אר, 'פֿרייד און
דאַנק'.

אויסלײַדן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָנלײַדן זיך,
האָבּן אַ סך צרות, לײַד. וויי־וויי, וואָס ער
האָט זיך נעבּעך אויסגעליטן!

אויסלײַדעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסלײַדן.

אויסלייז — דער, ־ן (זן). 1. אַקט פֿון
אויסלייזן. בּאַפֿרײַאונג. א, פֿון קנעכטשאַפֿט, פֿון
חובֿות, פֿון צרות אאַזוו. „אַן אידייע וואָס

טראָגט אין זיך א, פֿונעם פֿאָלק״, אפֿא, טמז,
I 1957 י 7. 2. אויסקויף פֿון געפֿאַנגענע,
פּדיון שבֿויים. 3. אויסלייזגעלט. פֿאַרבײַט.
אָפּקומעניש. ,,און איר זאָלט ניט אָננעמען קיין
א, [כּופֿר] פֿאַר דעם נפֿש פֿון אַ מערדער״, תּי,
בּמדבּר, לה, 31. ,,זאָלן די צרות וואָס מיר לײַדן
זײַן אַן א, פֿאַר אונדזערע זינד״.
אויסלייזגעלט — דאָס, ־ן (־ער). 1. טוו פֿאַר
'כּופֿר'. סכום געלט ווי אַן אויסקויף אָדער
פֿאַרגיטיקונג פֿאַר אַ זינד פֿאַרבּרעך. ,,ער וועט
,
קיין שום א, [כּופֿר] נישט אָננעמען,,, מס,
משלי תּקע״ד, ו, 35. ,,ס'איז קלאָר אַז די
דײַטשן בּאַטראַכטן די רעפּאַראַציעס ווי א,
(כּופֿר נפֿש) פֿאַר די קרעמאַטאָריעס, פֿאַר די
זעקס מיליאָן קדושים״, פֿאָר, 13 1954 I.
[בּײַם איבּערגעבּן די מיינונג פֿון ר, יוסף־דובֿ
סאָלאָווייטשיק]. 2. סכום געלט אויסצולייזן
עפּעס וואָס איז געהייליקט געוואָרן (←
אויסלייזן, בּ6). ,,וואָרעם דער אמתער גאָט דאַרף
ניט קיין א'״, קמ, 1863, No 31.
3. געלט וואָס מע גיט דעם כּהן פֿאַר אַן

ערשט־געבוירענעם. „דער כֹּהן פֿרעגט דעם
פֿאָטער: מאַי בּעית טפֿי, דה וואָס ווילסטו
ליבּער: אויבּ דאָס קינד אָדער די פֿינף טאָלער,
וואָס דו דאַרפֿסט מיר דערפֿאַר געבּן, ווי די
תּורה האָט געהייסן. דער פֿאָטער ענטפֿערט:
איך וויל ליבּער דאָס קינד, נעם דיר די פֿינף
טאָלער א, וואָס איך דאַרף דיר דערפֿאַר געבּן“,
ר, אַבֿרהם דאַנציג, חכמת אדס, וואַרשע 1867,
כבּ [ריב, ייִג].
4. געלט אויסצוקויפֿן אַ געפֿאַנגענעם, געלט
פֿאַר פּדיון שבֿויים; געלט אויסצולייזן פֿון אַ
גזירה. „...אונ, העט אונז גיזאגט דער פֿון,
העטין מיר אים געבּין אויז ליז געלט“,
שו“ת פּנים מאירות של הרבֿ ר, מאיר דק„ק
אייזין שטאַט, זולצבּאך, תּצ“ג [ריבֿ, ייִ]. „און
א, צאָלן פֿאַרווערט ער“, אַל III, 'מהר„ם
מרוטענבּורג, [דאָרטן, הערה: „גרעסטער גאָון
פֿון זײַן צײַט (13. יה) האָט בּאַשלאָסן
אָפּצופֿאָרן קיין א“י. אויפֿן וועג...האָט מען אים
פֿאַרהאַלטן ווי אַ קאַמערקנעכט וואָס האָט
געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון זײַן האַר. דער קייזער
רודאָלף האָט אים אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.
די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד האָבן געוואָלט

באַצאָלן פֿאַר אים 20,000 זילבערמאַרק א,. ר,
מאיר האָט עס אָבער שטרענג פֿאַרווערט.
ער האָט מורא געהאַט צו ווײַזן דעם קייזער
אַ בײַשפּיל, אַ נײַעם קוואַל פֿון רויבערײַען —
צו פֿאַנגען רבנים און קריגן פֿאַר זיי א'"].
5. געלט אויסצוקויפֿן זיך פֿון גרויס
סכּנה. געבן א, דעם באַנדיט, דער באַנדע
מוסרים אאַזוו פֿאַר די [ייִדישע] פּאָליצ אַנטן
י
. ,,
אויפֿן אומשלאַג האָט נישט עקסיסטירט קיין
מענטש, נאָר אַ 'קעפּל'...פֿאַר וועלכן מע קען
נעמען א'"...,,עס האָט געמעגט זײַן די
ווערטפֿולסטע פּערזאָן, אויב זי האָט נישט
געהאַט קיין א'...האָט מען אַזאַ פּערזאָן
אַוועקגעשיקט [אין אויסראָט־לאַגער]", ע. רינגעלבלום,
נאָטיצן פֿון וואַרשעווער געטאָ. "[פּוילישע
יונגען] האָבן זיך געמאַכט אַלס פּראָפֿעסיע
אויסצוגעפֿינען באַהאַלטענע ייִדן און פֿון זיי
פֿאָדערן א, (אָדער 'שמאַלץ', ווי זיי האָבן דאָס אַ
נאָמען געגעבן)", ב. שעפֿנער, פֿאָר, 13 IX
.1958
6. געלט אויסצוקויפֿן עפּעס וואָס מע
פֿאַרכאַפּט, פֿאַרהאַלט אָדער מע גיט אַליין ווי אַ
מין משכּון. ,,א, — ווען קהל האָט געדאַרפֿט

געלט, האָט מען שבת אין שול געלייגט די טליתים, זונטיק זיי אויסגעלייזט" [ציטירט פֿון אַ בריוו, בײַ ריבֿ, ייִ□]. [חסידישע יונגעלײַט פֿלעגן זיך פֿירן אַראָפּצוכאַפּן דעם טלית פֿון זייערן אַ חבֿר דעם ערשטן שמיני־עצרת נאָך דער חתונה און פֿאַרן טלית פֿאַרלאַנגען א, אויף משקה שׂמחת־תּורה, לויט יע, ציט, ריבֿ, ייִג].

7. געלט צו באַפֿרײַען זיך, פּטור צו ווערן פֿון עפּעס וואָס איז ניט אָנגענעם. „בכּורים האָבן געמאַכט סיומס, געצאָלט א, און געטיילט לעקעך און בראַנפֿן, אַזוי ווי יעדן ערבֿ־פּסח", פֿאָר, 14 XII 1959. „אַלע...יונגען וואָס האָבן זיך צומאָרגנס באַדאַרפֿט שטעלן פֿאַר דער קאָמיסיע [צום פּריזיוו], האָבן די לעצטע גאַכט געמוזט קומען אין בית־מדרש אַרײַן...אויב יענע האָבן געוואָלט שלאָפֿן רואיק, האָבן זיי

אויסלייזן .

זיך געמוזט אויסקויפֿן...[מיט] א',,, הערש אַלטבוים, מײַן שטעטל [ריבֿ, ייִ□].

אויסלייזונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלייזן. א, פֿון אַ משכּון.

2. אָפּצאָל פֿאַר אויסלייזן, אויסלייזגעלט. 'פּדיון נפֿשו, (שמות, כא, 30) פֿאַרטײַטשט באר התּורה: "ער זאָל געבן א, פֿאַר זײַן לײַב" [תּי: אויסקויף פֿון זײַן נפֿש]. 3. באַפֿרײַאונג. פֿאַרלאַנגט פֿון די קהילות אַן א'־פּרײַז, און „...

האָט פֿון זיי גאָרנישט באַקומען", אַל III, 'מהר"ם מרוטענבורג'.

4. דאָס באַפֿרײַען די ערד פֿון באַאַרבעטן אין שמיטה־יאָר; דער אַריבערגאַנג פֿון אַ נחלה צום פֿריִערדיקן אייגנטימער אין יובֿל־יאָר. „אין דעם גאַנצן לאַנד פֿון אײַער אייגנטום זאָלט איר געבן דער ערד אַן אויסלייזונג„, תּי, ויקראָ, כה, 24. 5. פֿאַרבײַט, פֿאַרגיטיקונג. א, פֿאַר זינד. 6. דערלייזונג, גאולה. א, פֿון גלות. „און אַלע חלומות וועגן א,־שעהן פֿאַרווערטערט האָב איך צווישן טאָוולען פֿון ביכער„, הל, טרעבלינקע. 7. פֿאַרגרינגערונג פֿון געמיט. דערשפּירן אַן א'.

אויסלײַזונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלײַזן. פּפֿ: ~לויזונג.

אויסלייזן — טרוו. לייז אויס, ~געלייזט.

1. אַרויסקריגן רווח, פֿאַרדינסט. אָנלייזן. פֿאַרדינען פֿון פֿאַרשיידענע געשעפֿטן. „אַז

מע לייזט אויס יעדן טאָג צו ביסלעך, האָט מען
אויף שבּת,,, שוו.

2. אָפּגעבּן דעם חובֿ צוריקצוקריגן דעם
משכּון. א אַ משכּון פֿון וואָכערניק, פֿון

,

לאָמבּאַרד. ,,איר מאַן העט דיר דיא תּשעה
זהובֿי, צו גישטעלט אונ, נאָך איין זהבֿ דז מן
זלמליז ראַק העט איז גיליזט'', פּראָגבּ, 27.
,,אַן אָרעמאַן גיט במשכּון צו דעם עושר אַ כּלי
פֿאַר ווייניק געלט, ווײַל ער וויל זי ניט
פֿאַרקויפֿן און טראַכט זיך, ער וועט זי א''', חה,
234. ,,און אַז מע פֿאַרמשכּונט דעם רבּונו־
שלעולם, מוז מען אויך קאָנען אים א'!'', אָש,
תּהילים־וִיד.

3. אַרויסקריגן דורך געבּן געלט. ◻ האָט
ער פֿאַר אַ דאָלאַר געמוזט א, די וועש, וואָרעם
ווי נעמט מען אונטער אַזאַ רײַזע אָן וועש?,,,
אר פֿג אינייש, IX.

,

4. געבּן אויסקויפֿגעלט פֿאַר אַ
געפֿאַנגענעם. ראַטעווען דורך אויסקויפֿגעלט. ,,ער איז
גיפֿנגן גיוועזן אין אײַזן גנגן אַפֿילו דערנאָך
דאָ מן אים האָט אויז גיליזט'', שארית יוסף,
קראָקע, 1590. ,,אזו איז אַך דער (דין) אום

איין תּפֿוס אויז צו ליזן דאָ גיט עש אַך אַזוי נאָך אננדר, גלײַך אַז דער דין איז בײיא דער צדקה, אזו גיט עש אַך נאָך אננד מיט דען (תּפֿוסים) אויש צו ליזן", לט1, 1/45. ,,האָבּן [זיי] גיטויט מעהר אַלס פֿינף טויזנט נפֿשות פֿון ישׂראל. פֿיל וואלטין זיך מיט געלט אויז לעזין, עז העלפֿט אלז ניקש,,, מע״ה אומן (הש I].

5. אַרויסנעמען פֿון רשות פֿון אַ זײַטיקן (שלעכטן). ,,אלזו וואָלין זיא דיא אַשכּנזים איר קינדר דענין פּריצי, למשכּן געבּין, דיא אַשכּנזים מוזין זיא וואול ווידר אויז ליזין", גה, 232. ,,קורץ, איך האָבּ מיך מיט זיי

אויסגעאויסלײַזן .

דונגען, באַצאָלט, אָפּגעבּן זייערס און אויסגעלייזט די קליאַטשע פֿון זייערע הענט", ממוס, קליאַטשע.

6.. פֿאַרבּײַטן מיט געלט (אָדער דורך געבּן אַן אַנדער זאַך) עמעצן אָדער עפּעס וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן ״געהערט) דעם בּית־המקדש, דעם כּהן. מ״) פֿאַרטײַטשט 'אפֿדה, (שמות, יג,

15): „איך וויל אויז ליזן„ [תּי: „לייז איד אויס„]. ← אויסלייזגעלט, בּ3. „און אויבֿ א, וויל א, דאָס פֿעלד דער וואָס הייליקט עס, זאָל ער צולייגן דערצו אַ פֿינפֿטל פֿון דעם געלט פֿון דײַן שאַצונג, און עס זאָל זיך אָפּשטעלן בײַ אים„, תּי, ויקראָ, כז, 19. באַפֿרײַען אַ בכור פֿון אַן אומריינער בּהמה. אומבײַטן אַ טייל פֿון מעשׂר. „און אויבֿ א, וויל אַ מאַן א, טייל פֿון זײַן מעשׂר, זאָל ער צולייגן דערצו אַ פֿינפֿטל דערפֿון“, תּי, ויקרא כז, 31. נעמען פֿאַר אַ ווײַבֿ די קינדערלאָזע אַלמנה פֿון אַ קרובֿ אָדער געבֿן איר חליצה. „האָט דער אויסלייזער געזאָגט: איך קען ניט א, פֿאַר מיר... לייז דו אויס וואָס איך דאַרף א, וואָרעם איך קען ניט א'“, תּי, רות, ד, 6. ,ומעשׂר שני והקדש שנפֿדו, (בּרכות, ז, א) פֿאַרטײַטשט אין זרעים: „אָדער מעשׂר שני און הקדש וואָס זײַנען אויסגעלייזט געוואַרן“.

7. אַרויסראַטעווען, באַפֿרײַען. א, פֿון גלות, יאָך, סכּנה, צרה אאַ. „...און זאָל אונדז גיד און בּאַלד א, אויס דעם בּיטערן גלות, פֿירן אין ירושלים אַרײַן“, מעסtה אומן [הש I]. „דען גאָט וועט זיך מרחם זײַן איבּער דעם הויזגעזינד פֿון יעקבֿ...צו א, זיי פֿון בּבֿל„, ישעיה,

פירוש עבֿרי טײַטש, לעמבערג 1877. "ווײַז, טאַטעניו, ווײַז דײַן גנאָד אַרויס און פֿון שׂונאים לייז דײַן יודלען אויס", ממוס, יודל.
„אַ גליק וואָס די מאַמע פֿאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פֿון זײַנע הענט", שע, מעסtיות פֿאַר ייִדישע קינדער I. „און דאָס פֿאָלק האָט אויסגעלייזט יונתנען און ער איז ניט געשטאָרבן", תּי, שמואל א, יד, 45. „לייז אונדז אויס, גאָט, פֿון גלות און פֿון די בעלי־עגלות" פֿוול

,

(שפּאַסיק).

8 פֿאַרבײַטן איין שטראָף מיט אַן אַנדערער;

.

רײנוואַשן, מוחל זײַן. „ווער עס האָט מחלל שבת געווען צו אומרעכט, מוז ער פֿאַסטן פֿערציק טעג שני וחמישי, און אַז ער וויל זיך א', זאָל ער גיבן פֿאַר איטלעכן תּענית צוועלף שילינגער", לט2, 2/71. „גאָט האָט געטרעטן און האָט געהויפּט איבער דער צײַט אויסצולייזן מיך בזכות אַבֿרהם", מחזור מן שלש רגלים, II, טשערנאָוויץ 1848, 'תּפֿלת טל'.

9. באַפֿרײַען פֿון אינעווייניקסטן דרוק, שווער געפֿיל, א, פֿון חשד, אײַנריידעניש, קאָמפּלעקסן. „איך האָב דיך אויסגעלייזט פֿון

די חיצונים מיט אַ התעוררות פֿון די רחמים עליונים“, תּניא, 468. „אויב מענטשן קענען זיך ניט א', דאַרפֿן זיי דערגיין צו דער מאָס לײַדן וואָס איך„, ווײַס, ,ווי דער גורל פֿירט'. „אַ מענטשלעכע נויט האָט אַזוי לאַנג גענאָגט זײַנע כּוחות, בּיז ער האָט זי נישט אויסגעלייזט מיט זײַנע טרערן“, אַש, תּהילים־ייִד.

אויסלײַזן — טרוו. לײַז אויס, ~געלײַזט. בּאַפֿרײַען פֿון לײַז, דעזינפֿיצירן. ← אויסלויזן II.

אויסלייזעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אויסלייזן, זיך בּאַפֿרײַען פֿון דעם; וואָס מע קען פֿאַרגיטיקן. א'ע זינד.

אויסלייזעכץ — דאַס, ־ו (־ער). 1. אויסלייז, אויסלייזונג. איר. 2. פֿאַרדינסט, רווח, לייזעכץ.

אויסלייזעניש — דאָס (ד״), ־ן. אויסלייזונג. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסלייזן. אויסלייזעכץ.

אויסלייזער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס לייזט אויס, קויפֿט אויס, בּאַפֿרײַט, ראַטעוועט. העלפֿער, בּאַפֿרײַער. „קומט מײַן א, געפֿלויגן מיט אַ שווערד און

פֿײַלאָון־בויגן". „נעם מיך, א„ אין דײַן זאַק„, הל, אין קיינעמס לאַנד.

2. גואל, גואל־צדק, משיח. „אַזוי ווי דער הייליקער אר"י זאָגט: דער ערשטער א, און דער לעצטער א, זײַנען איינס, וואָרעם זייערע ביידע נשמות זײַנען אויסגעהאַקט פֿון איין אָרט", אַש, תּהילים־ייִד.

3. טוו פֿאַר גואל. דער וואָס איז מחויבֿ אויסצולייזן זײַן קרובֿ פֿון קנעכטשאַפֿט אָדער די נחלה פֿון זײַן קרובֿ, אויב זי איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן; דער קרובֿ וואָס האָט דאָס רעכט אויף דער נחלה פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם איז מחויבֿ חתונה האָבן מיט דער קינדערלאָזער אַלמנה אָדער געבן איר חליצה. „...זאָל קומען זײַן קרובֿ וואָס איז דער נענטסטער צו אים, און אויסלייזן דעם פֿאַרקויף פֿון זײַן ברודער. און אַז אַ מאַן וועט ניט האָבן קיין א'..."‚ תּי, ויקרא, כה, 25, 26. „און אַצונד, יאָ אמת, אַז אַן א, בין איך, אָבער פֿאַראַן אַן א, נענטער פֿון מיר", תּי, רות, ג, 12.

4. פֿאַרגרינגערונג, אויסלייזונג. „זאָל די צעשיידונג פֿון די בעטן זײַן מײַן א'", ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'.

אויסלײַזער — דער, ־ס. ווער עס לײַזט אויס.

דער דײַטש דער א, — איר וועגן ישועות מצד
דעם דײַטש בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.
אויסלייזערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג,
אויפֿטו פֿון אויסלייזער. (אויך איר).
אויסלייזעריש — אַדי. וואָס ברענגט
אויסלייזונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן
אויסלייזער. א'ער רוף, א'ע רייד, מעשׂים. „...אין
מעכטיקער, אין א'ער לוסט", בראָד,
פֿאָרשטעלונגען.
אויסלייזרעכט — דאָס. מצ נב. דאָס רעכט
צוריקצוקריגן דאָס פֿאַרקויפֿטע. ספּעציעלע
פֿאָרעם פֿון ירושה־רעכט. „און אַז אַ מאַן וועט
פֿאַרקויפֿן אַ וואוינהויז אין אַ שטאָט מיט אַ
מויער, זאָל זײַן א, זײַן ביז עס ענדיקט זיך
דאָס יאָר פֿון זײַן פֿאַרקויפֿונג אַ יאָר זאָל זײַן
.
זײַן א'", תּי, ויקרא, כה, 29. „די לויים האָבן
אַן אייביק א'", תּי, ויקרא, כה, 32. „דער זון
פֿון שלום דײַן פֿעטער קומט צו דיר אַזוי צו
זאָגן: קויף דיר מײַן פֿעלד וואָס אין ענתות,
וואָרעם דיר געהערט דאָס א אָפּצוקויפֿן", תּי,
,
ירמיה, לב, 7. [אין תּנך: גאולה, משפּט הגאולה].
אויסלײַטישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסלײַטישן. א, פֿון
פֿאַרבּרעכערס.
אויסלייטישן — טרוו. ־יש אויס, ~
געׂ.
לײַטישט. מאַכן פֿאַר אַ לײַט, אויסמענטשלען.

אויסלײַכטן

א, די וואָס ווײַזן אַרויס קרימינעלע נייגונגען.
„...צוויי־דרײַ לעזער און לעזערינס וואָס זאָלן
א, די טעכטער און זיי מאַכן אַ בּיסל פּריציש“,
ייִט, פּוילן I.
אויסלײַטישן זיך — ← דפֿוו. ווערן אַ לײַט,
זיך אויסמענטשלען. זיך א', אויפֿהערן
אַרומלויפֿן און זיך נעמען צו אַן אַרבּעט. „...האָבּן
אַפֿילו נישט געוואוסט ווי אַזוי מע לײַטישט
זיך אויס אין גבֿירותשאַפֿט“, ייִט, פּוילן I.
אויסלײַטישער — דער, ־ס. וונ נבֿ. ווער
עס לײַטישט אויס, מאַכט לײַטישער. “...אַן
אַנטיסעמיט, נישט קיין א, פֿון ייִדן“, מ.
דוכאָווני, טמז, XI 1958 15.
אויסלייטן — טרוו. לייט אויס, ~געלייט.
פֿאַרענדיקן לייטן פֿאַרגיסן מיט מעטאַל
—
,

(שפּאַלט, עפֿענונג, איבערפֿלאַך פֿון מעטאַלענער כּלי). לייטן אַ צאָל כּלים.

אויסלײַטערונג — די, ־ען. ←

אויסלויטערונג. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלײַטערן (זיך). 2. גײַסטיקע אויסרייניקונג, דערהייבונג. „מע מוז אָננעמען דעם רעיון וועגן דער אומבאַגרענעצטקייט פֿון פּערזענלעכער א, און דערהייבונג“, ימ, נײַס, 1923.

אויסלייטער — טרוו ־ע

ן .

1. מאַכן לויטער,

ר אויס, ~

געלײַטערט. פּפֿ: ~ל

ויטערן.

-

קלאָר, דורכזיכטיק. 2. מאַכן אויס פֿאַרוואָלקנט (פֿאַרכמאַרעט). „אפֿשר וועט דאָס געלעכטער פֿון די קינדער א, דײַן פֿאַרכמורעט פּנים“. 3. אויסשיידן, אויסטיילן. *א, יקר מזולל (ירמיה, טו, 19) = אויסטיילן דאָס טײַערע פֿון דעם פּשוטן, דורכשניטלעכן.

4. אויך מיט ז י ך. גײַסטיק אויסרייניקן, באַפֿרײַען פֿון זינד, דערהייבן דורך תּשובֿה.

„ווער קען דאָס זאָגן, איך האָבֿ מײַן האַרץ
גאַנץ אויס גלייטערט, אָט בינך [= בין איך]
שוין גאָר ריין גוואָרן פֿון מײַנע זינד„, מס,
משלי תּקע״ד, כ, 9. „די מורדים און די
פּושעים דיא ווערט הקבֿ״ה אָבֿ שיידן פֿון
ישׂראל און ער ווערט ישׂראל אויז
לייטערן“, לט1, 1/100. „יעמאָלט [לעת קץ]
וועט אויסגעלײַטערט ווערן די גשמיות פֿון
קערפּער און פֿון דער וועלט“, תּניא, 92. א,
זיך ווי אַן אמתער צדיק.
אויסלייטערן זיך — אוטוו. ← דפּוו.

אויסגעלײַטערט ווערן (פֿון זיך, געוויינטלעך .
אָנדײַט אויף דעם כּוח וואָס לײַטערט אויס).
„און דער הימל האָט צום יום־טובֿ
אויסגעלײַטערט זיך פֿון וואָלקן“, יהואָש, ,ראָש־השנה
לאילנות'. „אָ, לײַטער זיך, האַרץ מײַנס,
לײַטער זיך אויס! קיין אויסגאַנג ניטאָ אויף דער
ערד„, אר. „אידל האָט בײַם שווער געטרונקען
רויע אייער כּדי דאָס קול נגינה זאָל זיך אים
א'“, ייִט, טאָג, 21 1959 II. *דער קאָפּ
לײַטערט זיך אויס = מע ווערט פֿריש, מונטער,
אָן זאָרג. „וועסט עפּעס נעמען אין מויל
אַרײַן, וועט זיך דיר דער קאָפּ אויסלײַטערן“,

בּימקאָ, גנבֿיס.

אויסלייכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

--

רעזולטאַט פֿון אויסלײַכטן. בּאַלײַכטונג.

→ אויסלויכטונג.

אויסלייכטן — טרוו. לײַכט אויס, ~געלײַכט.

-

פּפֿ: ~לויכטן. מאַכן (זייער) ליכטיק.

בּאַלײַכטן אַ צאָל (צימערן, הײַזער, גאַסן).

אויסלײַכטערונג

אויסלײַכטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלײַכטערן. פֿאַרגרינגערונג.
„האָט מען גאָרנישט אָנגעזען אויף אים, נישט
קיין צער און נישט קיין פֿרייד, נאָר אַ גרויסע
א',„ אַש, תּהילים־ויִד.

אויסלייכטערן — טרוו. ־ער אויס, ~

געלײַכטערט. לײַכטער, גרינגער מאַכן. א, די

משׂ ייִמ — טרוו ־יק אויס, ~

געליי ן .

אוי די פּלייצעס, דעם עול געבאָטן אאַ.

אויס

מיקט. מאַכן שמוציק מיט ליים. א, די דילן מיט די שטיוול.

אויסליימען — טרוו. ליים אויס, ~געליימט. באַדעקן מיט אַ שיכט פֿון ליים. א, די (דעם) גרובֿ זי (ער) זאָל האַלטן וואַסער.

אויסלײַסטן — טרוו. לײַסט אויס, ~געלײַסט. (סטאָליערײַ) אַרומקלאַפּן, אויסקלאַפּן מיט לײַסטלעך. (שוסטערײַ) אַרויפֿציִען די אייבערלעדער אויף אַ לײַסט און אַרומקלאַפּן.

אויסלייסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלייסטערט. פּפֿ: ~רייסטערן. (סוחריש) פֿאַרשרײַבן סחורה אין אַ רשימה. „מע דאַרף האָבן עטלעכע טעג ביז מע וועט קענען א, אַזוי פֿיל אַרטיקלען“.

אויסלייען — טרוו. לײַ(ע) אויס, ~געליי(ע)ט. אַרכ. דזוו אויסלייענען. “און, מן היבט אויז לייאַן אין דער וואוכן סדרא און, רופֿט אויף כהן. לוי. צום שלישי רופֿט מן דען חתן אויף און, זגט מרשות“, מנהגים...דורך דאָז גאַנץ אָר, וינידיג ש“ן [ווענעציע, 1590], ע/ב. „ווייל ו

עש צו שפּאָט איז גיוועזן זא האָט מן באותו

היום להחסיד והקדוש הפסק ניט אויז גלייאט און, איהם מחדרו לתּפֿיסה חמורה גפֿירט„, כּ"י וועגן מעצער עלילת־דם, 1669, [פֿש, III].

אויסלייען — טרוו. ליַי אויס, ~געליִען (~געליגן, פּד). ← אויסבאָרגן. 1. קריגן עפּעס צו ניצן אויף אַ געוויסער ציַיט; נעמען געלט אויף אָפּצוגעבן. „אַז צוויי קריגן זיך, ליַיט מען אויס ביַים דריטן אַ ביסל בלאָטע„, שוו. „כּתרילעווקע ווייסט ניט פֿון קיין קויפֿן, דאָ ווייסט מען נאָר — ליַיען, א'", שע. 2. געבן עמעצן עפּעס צו ניצן אויף אַ געוויסער ציַיט; געבן געלט אויף צוריקצוקריגן. „טוט מיר באָרגן...און, טוט אויש לייאן און, מיט אלי גוטי שפּיַיז טוט איַיך פֿרייאן, דען שבת איז היַינט צו גאָט", ברכת המזון, אַמשט 1723, יח/א. „איר וועט ניט באַדאַרפֿן אַצינד געבן אָ גראָשן, עס קען נאָך אפֿשר נאָך מעגלעך זיַין מע זאָל איַיך נאָך עפּעס א'. מע ווייסט, נישקשה, אַז איר זענט אַן ערלעכער מאַן", ממוס, קליאַטשע. „כּדי צו באַוויַיזן אַז ער מיינט וואָס ער זאָגט, האָט ער מיר גליַיך אויסגעליִען עטלעכע דאָלאַר פֿאָרויס", נאַד.

אויסלייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון

אויסלייענען. אַ לאַנגע א, פֿון קאָנטראַקט.
אויסלייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
-
(פֿילמאָליקן, געדויערדיקן) אויסלײַען.
אויסלייענען — טרוו. לייען אויס, ~
געלייענט. [כּמעט אין אַלע ריידענישן, אַחוץ לד,
אַרויסגערעדט: ~ליינען]. 1. לייענען בּיזן
סוף, אינגאַנצן; לייענען אַ צאָל (בּיכער, בּריוו
אע). א אַלע מעשׂה־בּיכלעך. א, בּיזן לעצטן
,
וואָרט. „און ווען דער חזן דיא פּרשה האָט
אויז גילייאנט זוא טוט מן די ספֿר תּורה גאָר

צו אונ מאַכט די אנדר בּרכה", לט , 25/2.
"און איטלעכער וואָס וועט דאָש לײַנען זאָל
אויסליינען אַלע דינים ניט ווי אַ מעשׂה נאָר
גוט אַכטונג צו געבן ער זאָל ניט נכשל ווערן
בּחילול שבּת„, ספֿר שלחן ערוך [זשאָלקווע?
אָנהייב 19. יה?], שער־בּלאַט. 2.
אַרויסלייענען, אַרויסקריגן פֿון לייענען. א אַן
אָנצוהע,

רעניש אויף עפּעס.

אויסלײַער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס לײַט אויס, גיט עפּעס אַ צווייטן אויף אַ געוויסער צײַט.

אויסלייקענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלייקענען.

אויסלייקעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסלייקענען.

אויסלייקענען — טרוו. ־קן אויס, ~ געלייקנט. קאַטעגאָריש זאָגן אַז עס איז ניט אַזוי; אינגאַנצן, בֿיזן סוף לייקענען; מכחיש זײַן; אָפּלייקענען אַ צאָל (אַרויסזאָגונגען, בֿאַווײַזן, עדות־זאָגן). א, אַלץ פֿון דעם בֿאַשולדיקונגסאַקט.

אויסליכטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסליכטיקן.

אויסליכטיקן — ־יק אויס, ~געליכטיקט. אוטוו — מיטאַמאָל ווערן ליכטיק. נעאָל. „דערנאָך האָט אַ שטראָלכל אויסגעליכטיקט און צו דעם מלאך אָנגעהויבֿן ריידן", מאָל, „דער יונגער מזל'. טרוו — 1. מאַכן ליכטיק(ער) דורך מער ליכט, לאָמפּן. א, די ראַמפּע, דעם זאַל אַזוו. 2. מאַכן העלער קאָלירן, פֿאַרבֿן.

,,ס'איז אַ צו טיפֿער בלוי, ליכטיקט אויס,
איידער איר הייבט אָן פֿאַרבן די וואַנט,,.
3. אַרויסברענגען, שאַפֿן עפּעס וואָס איז פֿול
מיט אינעווייניקסטער שײַן. ,,איך האָב אין
זײַן נשמה...אויסגעליכטיקט אַ געזאַנג“, אַל.
,,טרערן מײַנע, ליכטיקט אויס די זעאונג“, מאָל,
דער מלך דוד...
אויסליכטיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון
זיך (אָן אָנווײַז אויף אַ באַשטימטן כּוח) ווערן
ליכטיק. דער דרויסן, דאָס פּנים, דאָס געמיט
אע ליבטיקן זיך אויס.
אויסליכעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געליכעוועט. אויסקרענקען. שטאַרק לײַדן. זאָל ער
א, וואָס ער האָט צוגענומען פֿון מיר. א אַלע
,

זײַנע יאָרן.
אויסליליתן — [...ליי'לעסן] טרוו. לילית אויס,
~געליליתט. אַרויסקריגן דורך ווײַבערשן
כּישוף (גענגעלעך, קונצן). ,,ער האָט געטראַכט
אַז ער כאַפּט אַ מציאה — אַ יונגע, אַ שיינע!
אָבער זי האָט אויסגעליליתט פֿון אים זײַן
פֿאַרמעגן, זײַן געזונט און זײַן נשמה“, רייד
(פֿאַרשריבן אין ניו־יאָרק).

אויסלינדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלינדערן.
אויסלינדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלינדערט. גרינגער, מילדער מאַכן אַ סך (אַ צאָל) לײַדן. א, אונדזערע אַנגסטן.
אויסליניע(ווע, נע)ן — טרוו. ־ניע(ווע) אויס, ~געליניע(ווע)ט. דורכפֿירן ליניעס אויף אַ בלאט, טאָוול אע. א, דעם גאַנצן העפֿט.
אויסליניען — אוטוו. ־ניע אויס, ~געליניעט.
פֿאַרלירן די האָר (ווען בהמות) פֿעדערן —
(ווען עופֿות) אין פֿרילינג, אָנהייב זומער.

אויסליציטירונג

„דער קאַשטאַן ליניעט אויס און מײַן מאַנטל

אויסליניען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿאיז פֿול מיט זײַנע ברוינע האָר„.

הערן ליניען, אויסליניען און קריגן נײַע האָר, פֿעדערן. „דער שימל האָט זיך שוין אויסגעליניעט“.
אויסלינירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסליניִרן.
אויסליניִרן — טרוו. ־יר אויס, ~געליניִרט.
אויסליניִעווען. גלײַך (קרום) א, דעם טאָוול.
,,נעם אַ ווירע, אַניט וועסטו ניט קענען א, ווי
עס באַדאַרף צו זײַן".
אויסלינק — דער, ־ען. 1. וויכנע. פֿאַרדריי,
ארויסדריי פֿון געלענק (וועגן אַ ביין)
פֿאַר־   .
דריי פֿון אַ מוסקל. ,,דער פֿוס איז געשוואָלן,
אָבער דער ביין איז גאַנץ, ס'איז בלויז אַן א'".
2. ווענדונג צו לינקס. אַן א, פֿון דעם וועג.
ס'איז אַ נײַער פּאָליטישער א'.
אויסלינקונג — די, ־ען. אויסלינק. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלינקען. ,,דער
שווערער עקאָנאָמישער קריזיס פֿירט צו דער א,
פֿון די אַרבעטער".
אויסלינקלען זיך — אוטוו. ־קל זיך אויס,
זיך ~געלינקלט. ווערן אַ ביסל פּאָליטיש
לינק; ווערן אַ ביסל ראַדיקאַלער. איר בײַטעם.
,,עס איז בײַ אים אַזאַ חנדל, וואָס ער לינקלט
זיך אויס".
אויסלינקעכץ — דאָס, ־ן. אויסלינק,
אויסאוי ינקען
— טרוו. לינק אויס, ~געלונקען,

לינ ונג, אויסלינקעניש. (אויך מיט ביטול).

~געלינקט [מיט ב2, ב3 נאָר אַזוי]. 1. אויסדרייען פֿאַרדרייען אַ געלענק אָדער מוסקל; אַרויסשלאָגן פֿון שלאָסביין. אויסוויכנען. „זײַ פֿאָרזיכטיק, ווערסט דעם קינד א אַ פּיסל„.

*א, דעם (רעכטן) אויער = איר, זיך ניט שעדיקן. 2. פֿאַרדרייען אויף לינקס. „מע דאַרף דעם וועג אַ ביסל א', ווײַל דאָ ווערט דער באָדן זומפּיק". 3. ווירקן, משפּיע זײַן מע זאָל ווערן פּאָליטיש לינקער. "די כסדרדיקע פּראָפּאַגאַנדע וועט זיי א'".

אויסלינקען זיך — אוטוו. ← דפּוו. ווערן לינק געשטימט, פּאָליטיש ראַדיקאַלער. „וואָס רײַכער זיי ווערן — אַלץ מער לינקען זיי זיך אויס„. דייד.

אויסלינקעניש — דאָס (די), ־ן. אויסלינק, אויסלינקונג. געדויערדיקער (כסדרדיקער, פּילמאָליקער) פּראָצעס פֿון אויסלינקען.

אויסל(י)עטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געל(י)עטשעט. אויך מיט ז י ך. סל. אויסהיילן, אויסקורירן. „האָט ער זיך אָנגערופֿן אַז ער

נעמט זיך אָן זי א'“, פֿמ.
אויסליעפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~געליעפּעט.
סל. אויסמאָדעלירן, אויספֿורעמען, אויסקלעפּן.
א, פֿון ליים אַ פֿיגור.
אויסליפֿערונג — די, ־ען. דזוו
אויסליווערונג □.
אויסליפֿערן — טרוו. ־ער אויס, ~געליפֿערט.
דזוו אויסליווערן ←. „אויסגעליפֿערט אים
[דעם בעל־חלומות] צו גנבֿ־גזלן־חו□ף־
קאַראַוואַן“, מאָל, דער מלך דוד...
אויסליציטירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסליציטירן. גיכע, כּסדרדיקע,
לויניקע אאַ א□.

אויסליציטירן

אויסליציטירן — טרוו. □יר אויס, ~(גע)
ליציטירט. אויספֿאַרקויפֿן פֿון אויקציאָן. א, די
בּעבּעכעס פֿאַר שטײַערן. „ער וועט זיו איצט
נוקם זײַן אָן דעם [אַרענדאַ□].. □און לאָזן א,
אַלע זײַנע חפֿצים פֿאַר די אַרענדע“, יופֿאָל,
6 1890, No, בײַלאַגע.
אויסליצעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~

געליצעוועט. וורר. אַרויסקריגן באַוויַיזן, ראַיות (דערעיקר ביַי אַ געריכט). „דער פּראָקוראָר האָט אויסגעליצעוועט זיַין באַשולדיקונג אַז אונדז איז פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן“.

אויסליקווידירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסליקווידירן.
אומבּרחמנותדיקע א'. א, פֿון אַלע חובֿות.

אויסליקווידירן — טרוו. ־יר אויס, ~ ליקווידירט. 1. אינגאַנצן, ביז סוף אויספֿאַרקויפֿן (כּדי צו האָבן געלט צו באַצאָלן חובֿות, אָבליגאַציעס). 2. אומבּרענגען, אויסהרגענען. אָפּשאַפֿן, צעשטערן. א, אַלע ייִדן פֿון אַ געגנט. א אַלע באַגרענעצונגען, מאָראַלישע געזעצן
,

אאַזוו.

אויסלירען — טרוו. ־רע אויס, ~געלירעט.
אויסשפּילן עפּעס אויף אַ לירע. א, אַ מעלאָדיע.

אויסלישטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געלישטשעט. אוקר. דזוו אויסלושטשען ←. ל2.

אויסלישטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסשיילן זיך, אויסטיילן זיך, אַרויסקלאָרן זיך. „...האָט הנאה פֿון אַ געדאַנק וואָס לישטשעט

זיך אויס קלאָר: לאָז מען וויסן אַז איך לײַד„,
א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער.
אויסלישײַען — טרוו. ־ײַע אויס, ~
געלישײַעט. אַרויסרופֿן, באַדעקן מיט לישײַען
(לישײַעס). „דער ווינט און דער פֿראָסט האָבן
אויסגעלישײַעט די פּנימער פֿון די
בעליעגלות“.
אויסלמכן — [...לעמעכן] טרוו. למך אויס,
~געלמכט. אויסבעטן ווי אַ נעבעכל, זיך
מאַכנדיק פֿאַר אַ שוואַכן. א אַ פּאָר גראָשנס.
,
אויסלמשלען — [...לעמאָ'שלען] טרוו. למשל
אויס, ~געלמשלט. דזוו אויסמשלען ←, איר
בײַטעם, שפּאַסיק.
אויסלעב — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסלעבן
(זיך). ווילדער א, פֿון כּוחות. 2.
געדויערדיקייט פֿון דינען (וועגן אַ מאַשין). די מאַשין
האָט אַן א, פֿון דרײַ יאָר.
. אויסלעבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלעבן (זיך).
אויסלעבלעכן, ~לעפּלעכן — טרוו. ▯לעך
אויס, ~געלעבלעכט. מאַכן ווייניקער הייס,
לעבלעך, קילער. א, מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער.
אויסלעבן — טרוו. לעב אויס, ~געלעבט.

1. דורכלעבן אַלע יאָרן (וואָס זײַנען באַשערט).
,,האָשטו ליב דיא דעמיטיגי לייט, דאָ ווערשטו
דייני יאַר אויז לעבן,,, לט1. ,,ווער א, זײַן
צײַט זאָל ביז צום עק, און ווער פֿון דאַנען
פֿאַר דער צײַט אַוועק", ממוס, שלמה. ,,פֿון דער
עצה וואָס אַ דאָקטער וועט געבן קען מען די
יאָרן ניט א'", שוו [ציטירט בײַ ממוס]. רואיק,
גליקלעך, אָן זאָרג א, די יאָרן. ,,זאָלסט א, די
יאָרן אין נחת און אין פֿריידן!" — ברכה.
"איך זאָל אַזוי א, מײַנע יאָרן!" — שבֿועה.

,,זאָלסט דײַנע יאָרן ניט א'!,, — קללה. ,,ער
זאָל ניט א, זײַנע יאָרן, ער זאָל אײַננעמען אַ
מיתה משונה!,,, ממוס, ווינטשפֿ.
2 פֿאַרענדיקן לעבן. ,,ער האַלט שוין בײַ
.
דער גסיסה, ער האָט שוין זײַנע יאָרן
אויסגעלעבט". ,,זאָל ער מיר אַזוי אויסלעבן הײַנט,
אויב ער איז מיט דעם גאַנצן האַרץ דײַן
פֿרײַנד,,, טעיאַטאָר. ,,אירע זיבן זומערן
פֿאַרפֿלויגענע האָט [זי] ווי אַ פֿלאַם און פֿלאַקער
אויסגעלעבט", לאַפּין, צייכנס. 3. פֿאַרענדיקן
די צײַט פֿון זײַן ניצלעך. די קאַנאַפּע האָט
שוין אויסגעלעבט אירע יאָרן.

4. דורכלעבֿן, אויסקומען. „דער אַרבעטער מוז נעמען וויפֿל אַ מענטש מוז האָבֿן, ער זאָל ווי עס איז א, דעם טאָג„, פּרץ, ליטעראַטור און לעבֿן. 5. איבֿערלעבֿן, דורכלעבֿן געפֿיל. א, די ליבֿשאַפֿט ביזן לעצטן אָטעם. א, פּײַן ביזן דנאָ. „כ'דאַרף א, אַ נײַעם פֿיבֿער, כּדי נאָכאַמאָל שטאַרבֿן מיט פֿרייד“, הל, „שפּינאָזע„.
6. אַרויסשטויסן, דערווײַטערן פֿאַרטרײַבֿן.

,

„ווען, ווען, נאָר מיך א, פֿון דאַנען —
אַזאַס״, בערג, בײַם דניעפּער I. *א, אַ וועלט
= א) גוט, לאַנג לעבֿן; בֿ) לעבֿן אין
פֿאַרשיידענע טיילן וועלט. *א, זײַן (איר, אונדזער
אאַ) וועלט = דורכלעבֿן דאָס גאַנצע לעבֿן (און
זיך ניט בײַטן).
אויסלעבֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. לעבֿן
גוט, זיך לאָזן וואוילגיין. די קינדער
לעבֿן זיך פֿרײַ אויס אויף דער גאַס. 2.
אויסדריקן דעם אייגענעם איך, אינעווייניקסטע
נטיות און פֿאַרלאַנגען אין אַ צוגעפּאַסטער
סבֿיבֿה. זיך א, צווישן ייִדן, צווישן אַקטיאָרן.
זיך א, דורך באַטייליקן זיך אין
געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן. „ער גיט דעם פֿאָנען־
טרעגער פֿון יעדער אידייע אַ מעגלעכקייט

אויסצולעבן זיך אַזוי פֿול ווי מעגלעך", שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II.
אויסלעבעכץ — דאָס, ־ן. ווילדער, ניט קיין גוטער אופֿן אויסלעבן (זיך). „איר רופֿט אַזאַ הול אַנקע — אויסלעבן זיך, בײַ מיר איז
י
עס אַן א, פֿון צעלאָזנקייט".
אויסלעבעניש — דאָס (די), ־ן. אויסלעבונג. דורכקומעניש. געדויערדיקע (געמאַטערטע) אויסלעבונג.
אויסלעגיטימירן — טרוו. ־יר אויס, ~ לעגיטימירט. אָפּט מיס ז י ך. 1. מאַכן לעגאַל, ווײַזן (מיט אַ דאָקומענט) אַז מען איז לעגאַל. א, די אימיגראַנטן וואָס זײַנען אַרײַן אין לאַנד אויף אַן אומלעגאָלן אופֿן. „...זײַנען געשטאַנען מחנות פּאָליציי...ערשט נאָכן א, זיך האָט מען מיר דערלויבט ווײַטער צו גיין", פֿלינקער, טמז, 2 .14 1957, III. באַשטעטיקן, באַווײַזן ווער מען איז. „סע האָט לאַנג געדויערט, ביז מע האָט זיך געקאָנט א, פֿאַר די דינסט וואָס מע וויל און ועמען מע וויל", ייִט, פּוילן יI.
אויסלעגירן — טרוו. ־גיר אויס, ~לעגירט. אויסמישן מעטאַלן, צומישן ביליקערע צו טײַערע. א, גאָלד און פּלאַטין מיט קופּער, זילבער.

אויסלעגערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געלעגערט. דזוו אויסלאַגערן ←.
אויסלעדערן, ~לעד(ע)רירן — טרוו.
לעדער, לעד(ע)ריר אויס; ~געלעדערט, ~(גע)־

אויסלענגען זיך

לעד(ע)רירט. באַדעקן מיט לעדער (בײַ
טאַפּעצירערס, אײַנבינדערס). א, דעם פּאָטערשטול,
א, אַ בוך אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע.
אויסלעזן — טרוו. לעז אויס, ~געלעזן.
1. דזוו אויסלייענען ←. דטשמ. 2.
אויסקלײַבן. אַרכ. „צו דעם האָב איך איין שינין
האַנדיל גיהאט עם אונצין מרגליות פֿון אלי
יהודי, גיקאַפֿט אונ, דען אויז גילעזין אונ,
סאָרטירט“, גה, 230. „...דוא זאלזט גיטרייא
זיין...זא ווערדי איך זוכן דיר איין העכרן
דינשט אויז צו לעזן“, מכירת יוסף, פּפֿמ
1713 נאַווע III ▯.
אויסלעכלען — טרוו. ־כל אויס, ~געלעכלט.
מאַכן לעכלעך. א, ווי אַ זיפּ. א אַ בלעך. מאַשין
,

צום א, קאַמאַשן.

אויסלעכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

אוזעכער — טרוו ־ער אויס, ~געלעכערט.

ן .

ר לטאַט פֿון אויסלעכערן.

1. (מיט שאַרפֿן אינסטרומענט מאַכן אַ לאָו אָדער לעכער. אויסבויערן. 2. ווירקן אַזוי, ווי מע וואָלט געבויערט, געדרילט. „די געשרייען פֿון די קינדער לעכערן מיר אויס דעם קאָפּ“.

אויסלעכצונג — די, ־ען. פּראָצעס אַדער רעזולטאַט פֿון אויסלעכצן. לאַנגיאָריקע, לײַדנשאַפֿטלעכע, שטאַרקע אאַ א'.

אויסלעכצן — לעכץ אויס, ~געלעכצט.

אוטוו — 1. זייער שטאַרק, אַ לענגערע צײַט ווען טרינקען; זײַן פֿאַרשמאַכט און שטרעבן צו שפּײַז (רו). א, נאָך אַ ביסעלע וואַסער. א, נאָך אַן אָרט דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. 2. געדויערדיק, אָנגעשטרענגט, כסדר באַגערן עפּעס, שטרעבן צו עפּעס. „ער איז משוגע פֿאַרליבט אין איר און לעכצט אויס נאָך אירס אַ שמייכל, נאָך אירס אַ גוט וואָרט“.

טרוו — דערגרייכן עפּעס דורכן שטאַרקן

און אָנגעשטרענגטן באַגערן. א, אונדזער
פֿרײַהײ□.
אויסלעכצעניש — דאָס, ־ן. געדויערדיקע,
אינטענסיווע אויסלעכצונג.
אויסלעלע□.יעליען. שפּאָטיש. ־[.
אויס— טרוו. ־לע אויס, ~געלעלעט.
אויו: ~
לײַען. „...מוז מען באַזיצן און ניט א, דאָס
בוך“, יע, וויץ און הומאָר, מאָנטרעאַל 1937.
2. אויסלערנען.
אויסלענגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלענגען. א, דורך
אָנוואַרעמען.
אויסלענגניען — טרוו. ־ניע אויס, ~
געלענגניעט. פּד. אויסוואַרעמען, אויסבריִען. „די
הון לענגניעט אויס די אייער און עס פּיקן
זיך באַלד אַרויס הינדעלעך„.
אויסלענגניען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסבריִען זיך. „די אייער האָבן זיך
אויסגעלענגניעט„, אָפּאַ.
אויסלענגען — טרוו. לענג אויס, ~געלענגט.
מאַכן לאַנג, לענגער; אויסציִען אין דער לענג
(ביז דער נייטיקער מאָס). א, דורו וואַרעמען,
האַמערן; א, טייג דורך וואַלגערן.

אויסלענגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיו
ווערן לאַנג (לענגער).

אויסלעננערונג

אויסלענגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אַדער
רעזולטאַט פֿון אויסלענגערן. אַ געהעריקע
אוי□ □ג□ ..ז
— טרוו. ־ער אויס, ~
געלענפּר פּ רצי צווישן אויסבּרייטערונג און א□ .

גערט. 1. מאַכן לענגער. א, די ליניע, שורה,
שאָסיי, בּרוק אאַ. 2. מאַכן עס זאָל געדויערן
לענגער. א, דאָס דאַווענען.
אויסלענגערן זיך — ← דפֿוו. 1. ווערן
לענגער; אויסציִען זיך אין דער לענג.
2. אויסציִען די גלידער נאָכן שלאָפֿן. פּד. א,
זיך פֿון שלאָף.
אויסלענדיש — אַדי. 1. וואָס איז פֿון אַ
פֿרעמד לאַנד, ניט פֿון דעם אייגענעם לאַנד.
א'ע סחורה, פֿאַבּריקאַטן; מאָדע, אאָזוו. „און,
אין דיא אנדרי [זײַנען געווען] דיא בעשטי
פּירות זוא וואול פֿון אויז לענדישי אליש
לימוניש, אפּיל זיניס [= אַפּלצינען] אליש

די בעשטי אין לענדישי פּירות,,, גה, 297.
,,ובשבֿיל זאת זיינט אויש לענדישי, אלש
טירקשי, אשטאינדישה וגם ענגילשי סחורות זעהר
בּזול“, אגרת שלמה, ט/בּ. ,,....וואָלטן מיר
אויסגעשריבּן אויו א'ע ווײַנען,,, שע, סענדעך
בּלאַנק. א, ג ע ל ט = געלט פֿון אַן אַנדער
לאַנד. א, ע ר ה אַ נ ד ל = האַנדל מיט
אויסלאַנד. א, ע ה ל ו ו א ה = הלוואה וואָס
מע קריגט פֿון אויסלאַנד. א, ע ר אַ ק ־
צ ע נ ט = אופֿן אַרויסריידן וואָס קומט פֿון
אַן אַנדער לאַנד. 2. וואָס איז פֿרעמד, מאָדנע,
עקזאָטיש. ,,סינאַגאָגע־כאָראַלן זײַנען פֿאַר
אונדזערן אַ ייִדן א, און פֿרעמד“. ,,דעם פּריץ
האָט זיך פֿאַרגלוסט א, עולם־הזה“, פּרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.
אויסלענדישער לעגיאָן — דער. טייל פֿון
דער פֿראַנצייזישער קאָלאָניאַלער אַרמיי,
בּאַשטאַנען ס▯רובֿ פֿון אויסלענדער. אין דער
פּרעסע אויך. פֿרעמדן־לעגיאָן.

.

אויסלענדישקייט — די, דאָס, ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסלענדיש. בּכיוון אויפֿהיטן
די א, פֿון ריידן און פֿון אָנטאָן זיך.
אויסלענדער — דער, מצ ווי אצ. וונ ־ין, ־קע,

־ס. עמעצער וואָס קומט פֿון אויסלאַנד;
פֿרעמדער, ניט־היגער. ניט קיין בּירגער אין
וואוינלאַנד. ,,דאָ איז ער מחויבֿ אַך משׂמח צו זײַן
דען גר, דז איז איין אויז לענדר, דר איז
עלינטי,,, לט1, 2/83. ,,בּכלל האָט קיין פֿאָלק
אין האַרצן ניט ליבּ אַן א'□, ממוס, אַ סגולה.
א , ־ ר ע כ ט = רעכט וואָס עס האָט אַן א'.
אויסלענדעריש — אַדי. אין לד: ־דערש.
וואָס איז פֿון, (אַזוי ווי) בּײַ אַן אויסלענדער.
א'ע רייד, פֿירונגען אאַזוו.
אויסלענק — דער, ־ען. דזוו אויסלינק
בּ□ □..
אויסלענקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלענקען. שווערע א, מיט
אַ געשווילעבץ.
אויסלענקען — טרוו. לענק אויס, ~געלענקט.
אָפּט מיט ז י ך. דזוו אויסלינקען בּ1 ←. א,
עמעצן (זיך) אַ האַנט, אַ פֿוס. [אין אַ צאָל פּר,
לר אָפֿטער ווי אויסלינקען, בּאַזונדער בּײַ
עלטערע לײַט].
אויסלעסטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסלעסטערן. מיאוסע,
נידערטרעכטיקע א, פֿון אַלע הייליקייטן.

אויסלעסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געלעסטערט. 1. פֿאַרשוועכן, מחלל זײַן אַ צאָל (הייליקייטן). אויסבאַליידיקן, פּראָפֿאַנירן ביזן גרונט. א, מיט רייד און מיט מעשׂים. א, אַלע געטער, הייליקטומען אע. 2. אויסרייניקן פֿון לעסטערונגען. "לאָמיר פֿריִער א, פֿון זיך אַלץ וואָס מ'האָט אונדז געלערנט", יג, דעם טאַטנס שאָטן.

אויסלעפֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~געלעפֿלט. אויסשעפּן, אויסליידיקן מיט אַ לעפֿל. אויפֿעסן זופּ מיט אַ לעפֿל. „און קוים זענען די טעלער האַלבּ אויסגעלעפֿלט געוואָרן„, אַש.

אויסלעקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געלעקלט. מאַכן לאָקן, לעקעלעך. אויסגרײַזלען, אויסקרײַזלען. זיך א, די פּאות.

אויסלעקן — טרוו. לעק אויס, ~געלעקט. 1. אַרײַננעמען מיט דער צונג די גאַנצע פֿליסיקייט. אַ קאַץ לעקט אויס אַ טעצעלע מילך. א, ווי אַ קאַץ. „און זול די שויסל [שיסל] ניט אויז לעקן אונ, מן זול די פֿינגר ניט אבּ לעקן", בּרנט שפּיגל, 126, קמז/בּ. 2. מיט דער צונג אַריבּערגיין אַ צאָל מאָל איבּער אַ

פַלאַך. אַ הונט לעקט אויס זײַן וואונד. [אַזוי
ווי אַ פַּײַער האָט צונגען] „אַ פּײַער האָט
אַראָפּגענידערט...אָנגעצונדן די שטאָט...
אויסגעלעקט ביזן אָפּגרונט“, שע, אַלט־נײַ
כּתרילעווקע. [פּרגל: מלכים א, יח, 38: ,ותּפל אֵש ה,
ותּאכל את העלה...ואת המים אֲשר בּתּעלה
לחכה,.] 3. אויפֿעסן אַלץ מיט הנאה. א, די
גאַנצע סעודה. „זײַנען דאָס געווען קרעפּלעך!
מיר האָבּן זיי אויסגעלעקט!„..
4. אַרײַננעמען אין זיך מיט ליבשאַפֿט.
„ווען די גאַנצע וועלט האָט...אָפּגעלאַכט פֿון
איר, האָט ער געקוקט איר אין די אויגן און
אויסגעלעקט אירס אַ וואָרט, איידער זי האָט
עס אַרויסגערעדט“, שעליובּסקי, אין דער וועלט
אַרײַן, 54. 5. אויסקושן, אַ סך מאָל אָנקושן.
„אַזאַ קינד, אַזאַ נחת! אַ וואונדער אַז אַלע
לעקן אים אויס ס'פּנימל!„..
6. אַרויסנעמען עפּעס מיט לעקן. “איז אַרײַן
איינעם אַ שפּריץ חלבֿ אין די אויגן, און
קיינער האָט...ניט געוואָלט א, דאָס אויג, ווי דער
שטייגער איז די רפֿואה אַז זאַמד [קומט אַרײַן
אין אַן אויג], וואָרעם חלבֿ איז טריפֿה“, ייִל,
קמ, 7 .31 1867, No. טאָן עטלעכע מאָל אַ
לעק (די אויגן, דאָס פּנים פֿון אַ קינד) און אַ

שפּײַ אויס [כּדי צו באַוואָרענען פֿון אַן עיןהרע]. א, די אייגעלעך און שעפּטשען דערבײַ: 'קיין בייז אויג זאָל דיר ניט שאַטן,. „אַלע בייזע חלומות אויף אַלע פּוסטע פֿעלדער... זאָגט די מאַמע און דעם שלאָף פֿון איר קינדס אייגעלעך מיט דער צונג לעקט זי אויס“, אשט, מײַסעלעך.

אויסלעקן זיך — ← דפֿוו. אוטוו — זיך אויסהיילן. די וואונדן האָבן זיך אויסגעלעקט. „און אַזוי איין מאָל [דעם בחור] די ביינער געבראָכן, אַז ער איז חדשים לאַנג געל□גן און קוים זיך אויסגעלעקט“, פּרץ, מײַנע זכרונות. קזוו — זיך אויסקושן איינס ס'אַנדערע (מיט ביטול).

אויסלעקעכן — טרוו. ־עו אויס, ~ געלעקעכט. 1. אויסטיילן לעקעך צווישן אָ גרופּע. 2. מיט לעקעד אויסטונקען אַ משקה. □די

אויסלערנען

באָבינקע טונקט צו ביסלעך שטיקעלעך לעקעך,
□י□לזי □

— דאָס (ד□), ־ן. פּראָצעס

כט אויס דעם בראַנפֿן,,, רייד.

אויס עק

פֿון אויסלעקן. אַ קושעניש, אַן א'. אַ

פֿרעסעני רונג — די, ־ען. פֿד. פּראָצעס אָדער

זויפֿעניש, אַן א,.

אוים

רעזולטאַט פֿון אויסלערן. אויסליידיקונג.

פּוסטקייט. ,,...געפֿילט ווי אַן א, אין איר קערפּער,,,

וויַס, ,ווי דער גורל פֿירט,.

אויסלערן — טרוו. לער אויס, ~געלערט.

פּד. 1. מאַכן אַ כּלי זאָל ווערן פּוסט.

אויסליידיקן. 'ותער כדה, (בּראשית, כד, 20)

פֿאַרטיַטשט מ : ,,און, זיא אויש לעריט", [תּי:

,,אויסגעליידיקט,,]. ,,און, ווען איר הט גיסרונקן,

זא געבּט דען מיר, זא וויל .ך זי בֿולאט אויש

לערן", בּבֿא־בּוך, 346. ,,אַך ווען מן העט הייס

וואשר אין איינס כּלי גיהאט, און העט דאָש

כּלי אויש גילערט..."‚ לט1, 1/79.

2. אַוועקנעמען געלט; אויסליידיקן אוצר,

שאַצקאַמער אע. ,,...הבּין זיא אין אויז גאַנג

מצרים איר גוט אויז גילערט", ה II. ,,ישׂראל

האָבּן פֿריִער אויסגעלערט מצרים גאָר פֿון

זילבּער און גאָלד,,, צור, בּשלח. ,,...אַהיים

געפֿלויגן ווערט און דער אוצר אויסגעלערט,,, פּרץ, לידער און פּאָעמען.

3. אויסטרייסלען. 'גם חצני נערתי, (נחמיה, ה, 13) פֿאַרטײַטשט מלל. ‟אויסגילערט" [תּי: אויסגעטרייסלט]. 4. אַרויסציִען (שווערד) פֿון שייד. 'אָריק חרבי, (שמות, טו, 9) פֿאַרטײַטשט בּאר משה ,,כ'וועל א, מײַן שווערד,, [תּי: איך וועל ציִען].

אויסלערנונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלערנען און אויסלערנען זיך.

אויסלערנעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אויסלערנען. ,,אַלע וויסנשאַפֿטן זײַנען א"".

אויסלערנען — טרוו. לערו אויס, ~געלערנט. [מיט צוויי אַקוזאַטיוון: וואָס מע לערנט אויס און וועמען מע לערנט אויס]. 1. לערנען עמעצן, בּיז יענער קען (אַ לימוד, ענין, טואונג). ,,אַ בּער אין וואַלד לערנט מען אויך אויס טאַנצן", שוו. ,,די קראָם לערנט אויס דעם קרעמער", שוו. ‟לויפֿן לערנט מען אַ קינד אויס גיכער ווי גיין,,, שוו. ‟גוט אויסגעלערנט האָסטו זי! האָסט געמעגט ווייניקער לערנען זי און לערנען בּעסער אַליין", ממוס, ספֿר הבּ מו נ.

2. לערנען אַ לימוד (ענין, טואונג,

געניטקייט) ביז מע קען עס (אינגאָנצן). ,,און אַז מע וויל זיך לערנען דאָקטעריַי, מוז מען פֿריִער לאַטיַיניש...און ער האָט דאָס אויך אויסגעלערנט אין אַ פֿערטל יאָר", נחבֿ, כד/בֿ. ,, גרונטעווען זיך אין די טיפֿענישן פֿון ים־התּלמוד, אויסלערנען אים ווי וויַיט מעגלעך,,, ממוס, שלמה. ,,...האָט אונדז אויסגעלערנט שפּילן אין קנעפּלעך און קניפּלעך, מם־שין־הא און אומצי־גראָד,,, שע, ייִדישע קינדער. *א, תּורה כּולה אויף איין פֿוס (על רגל אַחת) = גאָר גיך א, די גאַנצע תּורה, גאַנצע וויסנשאַפֿט; א, די גרונט־פּרינציפּן. אויך איר. ,,זיי גיבֿ נאָר דעם תּוך, דערעיקר לערן זיי אויס תּורה כּולה אויף איין פֿוס", ממום, ,צוריק אַהיים'.

3. אויספֿאָרשן, זיך גוט באַקענען מיט עפּעס. ◻צי האָט ר, שלמה זיך אָפּגעגעבן מיט

אויסלערנען זיך

די ניַיע מאָדנע בּרואים און [צי] איז [אים] געראָטן גוט זיי אויסצולערנען, דאָס ווייס איך ניט", ממוס, שלמה. ,,רפֿאל אָבער האָט זיך ניט געלאָזט דרייען, בּיז ער וועט ניט א, פֿריִער גוט דעם פּלאַץ מיט די סוחרים דאָרט",

ממוס, ווינטשפֿ.

אויסלערנען זיך — ← דפֿוו. 1. דורכגיין
אַ פֿולן קורס, אַריַנקריגן די באַגערטע ידיעות.
,,דאָס א, זיך עפּעס אַ מלאָכה איז פֿון אָנהייב
אָן געוועזן זייער שלעכט אַוועקגעשטעלט,,,
ממוס, שלמה. ,,שלעכטס לערנט מען זיך באַלד
אויס,,, שוו. ,,,כּתר, האָט ער פֿאַרגעסן און
'נעריצך, האָט ער זיך ניט אויסגעלערנט“, שוו
[דעם חסידישן נוסח פֿאַרגעסן, דעם מתנגדישן
זיך ניט אויסגעלערנט. ווערט געניצט אויך וועגן
אַן אויפֿגעקומענעם גבֿיר וואָס וויל פֿירן אַ
לעבן אויף אַ נייַעם אופֿן.]

2. וויסן, זיך צוגעוואוינען צו עפּעס. ,,
בעסיר איז אַיונגר מאַן און אַ קלוגר איידר
איין אלטור מלך און אַנאַרישער וואָס ער וועט
זיך קיין מאָל נישט א, גניט צו זיַין“,
מס, קהלת תּקע“ט, ד, 13. ,,אין אַ
קורצער ציַיט וועל איך זיך א, און וועל ווערן אַ
פֿעאיקער ערדאַרבעטער,,, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. 3. ווערן געבילדעט. ,,אָט דעם
אומגליקלעכן באַשעפֿעניש זאָגט מען: לערן זיך
אויס פֿרעג איך דיך ערשטנס, חכם מיַינער,
.
פֿאַרוואָס הייסט מען עס דווקא איר?,,, ממוס,

קליאַטשע.

אויסלערנער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס לערנט אַ צווייטן (גוט) אויס. נויט איז אַ גוטע אויסלערנערין. 2. ווער עס לערנט זיך אַליין (גוט) אויס. „ער איז אַ מתּמיד און אַן א', ער וועט זיכער אויסהאַלטן דעם עקזאַמען“. אַדי: ־יש. „א'ע אויפֿטוען„, טאָג, ▯19 19 XI.

אויסלערנערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט, טואונג פֿון אויסלערנער. אַ פֿאַמעלעכע, גיכע אאַ א,.

אויסלעש — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסלעשן. מאָמענט ווען עס לעשט זיך אויס. „...קראַנק אַ שמייכל טאָן צום א, פֿון פֿאַרגייענדיקן גליק“, הל. „אין מיר גייט אויף דײַן לעצטער טרויער, דער א, פֿון דײַן פֿײַער־בליק„, אפֿא, לויטער איז דער אַלטער קוואַל.

אויסלעשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלעשן. „זייער ווירקונג ווערט בכּיוון אויסגעלאָשן און דערנאָך נעמט מען די דאָזיקע א, אָן פֿאַר אַן אַרגומענט...“, י. יאנאַסאָוויטש, מיט וידישע שרײַבער אין רוסלאַנד.

אויסלעשלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען

אויסלעשן. א, פֿײַער, א'ע האָפֿענונגען.
אויסלעשן — דאָס. מצ נבֿ. אויך: דאָס שטאַרבן,
דאָס נפֿטר ווערן. „און אַז איַער מאַמע איז
אַזוי געפֿערלעך קראַנק געווען און נאָנט צום
אויסלעשן“, קמ, 1863 35, No. „...געפֿערלעך
קראַנק צום א'“, ייִפֿאָל, 1882 46, No.
אויסלעשן 1 — טרוו. לעש אויס, ~געלאָשן.
1. מאַכן עס זאָל מער ניט ברענען (דורך
בלאָזן פֿאַרשטיקן, באַגיסן מיט וואַסער אא).

,

א אַ פֿײַער, ליכט, פֿײַערווערק, שׂריפֿה. ▯tב

,

יג/ב: מכבה — „ער לעשט אויש“. „אַ

ברענע▯ ,2

דיקע זאַך טאָר מען דאָך ניט א, שבת און עס
נוצן“, פיעט, מועד. „דער נאָך זאָל ער [ביַים
מאַכן הבֿדלה] אויז גיסן אויז דען כּוס אויף
דעם טיש, אונ זאָל דש ליכט דרינן אויז לעשן“,
לט1, 1/64. „אויף אַ מאָל זענען אַלע ליכט
אויסגעלאָשן געוואָרן, עס איז געוואָרן
שרעקלעך פֿינצטער„, עט, סערקעלע.

2. מאַכן עס זאָל מער ניט שײַנען.

פֿאַר

טונקלען; דערשטיקן. א, די שטערן, די זון
אע. א, יעדער פֿונק פֿון האָפֿענונג, אמונה,
גלויבן אע. ,,...האָט אויסגעלאָשן אין איר דעם
שוואַכן פֿונק פֿון אידישקייט“, אמד, רויזע
פֿינקל. ,,די שׂמחה ווערט בײַ מיר אויסגעלאָשן,,,
פּרץ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. ,,ווי קען זי

-

,
א, באַגערן אַז זי שטאַמט פֿון זײַן באַגער צו
איר?“, צײַט, מטטרון. ,,איר ווייסט...מיט אײַך
לעש איך אויס מײַן אומעט און מײַן
לאַנגווײַל,,, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער. ,,דער
מענטש האָט, צו וויי און פֿאַרדראָס, דורך
גאווה זײַן אמתע רו אויסגעלאָשן“, הל, אַ
בלאט אויף אַן עפּלבוים.

אויסלעשן 1 [־— טרוו. לעש אויס, ~געלעשט.
דטשמ. אויסקלעקן, אָפּקלעקן (דאָס פֿריש
אָנגעשריבענע מיט קלעק־פּאַפּיר).

אויסלעשן זיך — אוטוו. ← אויסלעשן I.

1. אויפֿהערן לײַכטן, שײַנען. ,,און די אָרעמע

נשמהלעך...אַז שבת־קודש לעשט זיך אויס, ווייסן זיי און ציטערן“, פּרץ, גאָלדענע קייט.
”די זון גייט אונטער, די ביימלעך לעשן זיך אויס“, פּרץ. 2. אויפֿהערן זײַן, פֿאַרגיין. אָפּשטאַרבן. „ער האָט געקוקט אין אירע שיינע אויגן, אין וועלכע אַ שטיק לעבן האָט זיך שוין אויסגעלאָשן“, ספּ, סודות. „אַ לײַכטער שוידער לעשט זיך אויס בײַ די פֿאַרבלאַסטע ליפּן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אויסלעשער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס לעשט אויס. „זי לאַכט זיך נאָך אויס פֿון מיר, די א'ין פֿון מײַנע האָפֿענונגען“.
2. אַפּאַראַט אויסצולעשן פֿײַער וואָס מע האַלט אין הײַזער.
אויסלצן — [...לעצן] איצ נב, ~געלצט. דזוו אויסלצעווען.
אויסלצעווען — [...לעצ...] טרוו. לצעווע אויס, ~געלצעוועט. אויסלאַכן, אָפּשפּאָטן, אויסחוזקן. זיך באַציִען צו אַן ערנסטן ענין מיט קאַטאָוועס. א, אַלע פּלענער וואָס מע לייגט פֿאָר. א, די פּני פֿון שטאָט אאַזוו.
אויסלקה(ע)ניש — [...לאַקכעניש] דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסלקחענען. ”גניבֿות אָן אַ סוף, אַ כסדרדיקע א'!“.

אויסלקהענען — [...לאַ'קכענען] טרוו. לקחן, לקחע אויס; ~געלקחנט [...לאַקכנט], ~ געלקחעט. אויסגנבֿענען, אַרויסגנבֿענען. פֿרגל: אויסלאַטכענען.

אויסלקהער — [...לאַקכער] דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס לקחנט אויס, גנבֿ. פֿרגל: אויסלאַטכער.

אויסלקהערײַ — [...לאַקכערײַ] דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסלקחער. גניבֿה. אויסלאַטכערײַ.

אויסמאָבּיליזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)מאָבּיליזירט. אַרײַננעמען אין מיליטער

אויסמאָדעלירן

אַלע, אַ צאָל (פֿון אַ גרופּע). א אַלע צוואַנציק,

יאָריקע.

אויסמאַגאַריטשעווען — טרוו. ־טשעווע אויס, ~מאַגאַריטשעוועט. אויך: ~ מאַהאַריטשעווען. געבן צוגאָבּ־געלט, טרינקגעלט (אָדער עפּעס עסן אָדער טרינקען) צו אַ צאָל אָדער אַלע (פֿון אַ גרופּע). א, די טרעגערס.

אדיסמאַגליעוועַן — טרוו. ־ליעווע אויס,
~געמאַגליעוועט. וורר. דזוו אויסמאַנגלען ←.
אויסמאַגנעטיזירן, ~מאַגנעטעווען —
טרוו. ־זיר, ־טעווע אויס; ~(גע)מאַגנעטיזירט,
~געמאַגנעטעוועט. 1. צוגעבן מאַגנעטישע
אייגנשאַפֿטן צו אַ צאָל (מעטאַלן, שטיקער
מעטאַל). א, שטאָל מיט אַן עלעקטרישן שטראָם.
2 פֿאַרכאַפּן אינטערעס, אויפֿמערקשאַפֿט פֿון
.
אַ צאָל (דורך קינסטלערישן שפּילן אע);
שטאַרק צוציִען צו זיך. אויסכּישופֿן. א, דעם
עולם (די צוהערערס) מיט די וואונדערלעכע
וייד.
אויסמאַגערן (זיך) — טרוו. ־גער (זיך) אויס,
(זיך) ~געמאַגערט. 1. דטשמ. דזוו
אויסמאָגערן. 2. פֿטמ. מאַכן (ווערן) צאַרטער,
איידעלער.
אויסמאָגערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געמאָגערט. אָפֿט מיט ז י ך. מאַכן מאָגער, דין,
דאַר אויפֿן לײַב. „דער הונגער האָט אונדז
אויסגעמאָגערט„. „זי מאָגערט זיך אויס מיט
אַ שטרענגער דיִעטע“.
אויסמאָגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניט
בכּיוון ווערן מאָגער(ער), דאַר(ער). זיך א,

פֿון צו פֿיל לערנען.
אויסמאָדולירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) מאָדולירט. 1. אויספֿורעמען (שטים צום זינגען); שאַפֿן איבערגאַנגען פֿון איין מאָטיוו צו אַ צווייטן (אין מוזיק). 2. דזוו אויסמאָדעלירן ←.
אויסמאַדז(ש)גען — טרוו. ־גע אויס, ~ געמאדז(ש)געט. וורר. אויסשמירן פֿאַרפֿאַטשקען, פֿאַרברודיקן. א, די הענט, דאָס פּנים, די בענקלעך אאַזוו.
אויסמאדימען — [...מײַ'דימען] טרוו. מאדים אויס, ~געמאדימט. אַרויסקריגן עפּעס דורו זײַן אַ מאדים, אַ בריה, אַ בראַנד. "פֿאַרלאָז זיך אויף אים, ער וועט שוין א, פֿאַר זיך אַ דערלויבעניש", רייד.
אויסמאָדיש . אַדי. וואָס איז ניט מער אין דער מאָדע. א'ע געדאַנקען, דאָט פֿרײַע וואָרט, ב"א, 1957.
אויסמאָדליען — ־ליע אויס, ~געמאָדליעט. פּד. אוטוו פֿאַרענדיקן זאָגן ניט־ייִדישע תּפֿילה. טרוו — אויסבעטן דורך תּפֿילה, (וועגן אַ ניט־ייִד אָדער אַ ניט־ייִד וועגן אַ ייִד). ,,דער

גרויסער צדיק האָט שוין פֿאַר דיר
אויסגעמאָדליעט דאָס גאָלדענע קעסטעלע“, ייִט, טמז, 24
.II 1▯19▯
אוי'ס מאָ'דע — פּראַזע. ניט מער אין דער
מאָדע. “דער באָבעס פּעלע▯ינע...איז שוין
לאַנג געווען אויס מאָדע“.
אויסמאָדעלירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאָט פֿון אויסמאָדעלירן.
אויסמאָדעלירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
מאָדעלירט. אויספֿורעמען, אויסקלעפּן,
אויסגיסן (מאָדעל, מוסטער). א, אין גיפּס און

אויסאויסמאָווען

גיסן אין בראָנדז. א, פֿון העלצלעך אַ גאַנצע
שיף.
אויסמאָווען — טרוו. ־ווע אויס, ~געמאָוועט.
פּר. סל. אויסריידן, אַרויסריידן, איר.
אויספּלאַפּלען, אויסדברן. א, וואָס מע דאַרף ניט;
א אַ סוד וואָס מע האָט פֿאַרטרויט.

,
אויסמאָווערן — טרוו. ־ווער אויס, ~
געמאָווערט. אוקר. דזוו אויסמויערן ←.
אויסמאָזלען — ־זל אויס, ~געמאָזלט. אוטוו

— 1. אָנהייבן מאָזלען. „אַלע דרײַ קינדער מאָזלען אויס אין דער זעלביקער צײַט„.
2. אויפֿהערן מאָזלען. „דאָס קינד האָט שוין אויסגעמאָזלט, אָבער אין שול גייט עס נאָך ניט“.
אַקוזוו — 1. אַרויסברענגען מאָזלען. „מײַן ייִנגעלע האָט אויסגעמאָזלט רויטע פּינטעלעך אויף דער פּלייצקע„. 2. דורכלעבן קראַנקייט, צרות. „ווײ וואָס זי האָט שוין אויסגעמאָזלט און אויסגעפּאָקט“.
אויסמאָזלען זיך — אוטוו. → דפֿוו. 1.
פֿאַרענדיקן מאָזלען, געזונט ווערן נאָכן מאָזלען. “בײַ מיר האָבן די קינדער זיך שוין אויסגעמאָזלט“. 2. אויסשטיין זיך (וועגן אַ קראַנקייט בכלל). „האָב געדולד, אַ קראַנקייט מוז זיך א,“.
אויסמאַזשגען — טרוו. ־גע אויס, ~ געמאַזשגעט. פּד. דזוו אויסמאַדז(ש)גען →.
אויסמאַזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~ געמאַזשעט. סל. אויסשמירן, אויספּאַטשקען, אויסברודיקן. א, מיט טינט, פֿאַרב, בלאָטע אאַ.
אויסמאַטאַטשען — פּר. → אויסמאַנטאַטשען.
אויסמאָטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געמאָטלט.
פּד. 1. אויסנאַרן. „דער געבײפֿטער יונג וועט

שוין א, וואָס ער וויל„. 2. אויספּלאַפּלען; אויסדערציילן רכילותן. „נו, עץ קאָנט אײַך שוין אויסמאָלן וואָס ס'געמיינע פֿאָלק האָט אויסגעלאַכט און אויסגעמאָטלט„, באַש, פֿאָר, 18 1959 X.

אויסמאַטן — טרוו. מאַט אויס, ~געמאַט. אָפּט מיט ז י ך. 1. מאַכן שוואַך, מאַט; אויסמידן. „מיט אַזעלכע שווערע גימנאַסטישע געניטונגען וועט איר א, די קינדער", רייד. 2. מאַכן, געבן מאַט אין שאַך. א, צוויי מאָל נאָך דער ריי.

אויסמאָטען — טרוו. ־טע אויס, ~געמאָטעט. אוקר. סל. 1. אויספּלאָנטערן, אויסוויקלען. א, פֿעדעם פֿון אַ קנויל. *א, די קישקעס = אויסטרייבערן די קישקעס, אויסמאַטערן [ווי מע וואָלט די קישקעס אַרויסגענומען און זיי אויסגעוויקלט]. 2. אַרויסקריגן מיט מאַטערניש. „אפֿשר וועט ער קענען א, בײַ עמעצן כאָטש איין זעקל מעלעץ„, בריוו.

אויסמאַטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמאַטערן. א, ביז טויט.

אויסמאַטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געמאַטערט. 1. שטאַרק מיד מאַכן, אויסמוטשען, פֿאַרמוטשען. „אַ קינד קען א, דעם שטאַרקסטן

מענטש,,. „און וויפֿל האָב איך אים מיט
גראַמען אויסגעמאַטערט און עפּיגראַמען קונציקע
אויף אים געפּטרט‟, אַל, 'דער קאָנספּיראַטאָר'.
2. מאַכן שוואַך, געבראָכן, מע זאָל אָנווערן
די כּוחות. „דער הונגער האָט אַזוי
אויסגעמאַטערט אַז נאָר געציילטע האָבן געקאָנט קלערן

וועגן אַ ווידערשטאַנד‟. די קרענק האָט זי
אויסגעמאַטערט. א, ביז צום טויט. 3.
אַרויסקריגן עפּעס מיט מי (נאָכן לענגערן
אויספֿרעגן, צושטיין). „דער אויספֿאָרשער האָט
אויסגעמאַטערט אַן אונטערשריפֿט פֿון דעם
באַשולדיקטן‟.
אויסמאַטערן זיך — ← דפֿוו. 1. ווערו
שטאַרק מיד, שוואַך, אָן כּוחות. זיך א, נאָך
אַ קרענק. 2. זיך שטאַרק אָנשטרענגען; זיך
איבעראַרבעטן, זיך איבערהאָרעווען. „איו האָב
זיך שוין אויסגעמאַטערט נאָך דרײַסיק יאָר
קנעלן און לעבן בדוחק‟, רייד.
אויסמאַטערניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקע אויסמאַטערונג.
אויסמאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געמאָטשעט. סל. אויך: ~מאָצען. אויסווייקן,
אויסנעצן, אינגאַנצן דורכנעצן. „דער

שלאַקסרעגן האָט אונדז אויסגעמאָטשעט ביז צו די ביינער„.
אויסמאָטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. לאָזן השתּנה (וועגן בהמות, פֿעיאַ אויך וועגן מענטשן).
אויסמאָטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמאָטשען.
אויסמאַיאָריזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~ מאַיאָריזירט. דורך אַ מערהייט ענדגילטיק אָננעמען, אָפּוואַרפֿן. „עס קומט אַ גאַנצע כּנופֿיא און מאַיאָריזירט אויס אַלע פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן“, רייד.
אויסמאָ(י)לן — טרוו. מאָ(י)ל אויס, ~ געמאָ(י)לט. אויסעסן וו אַ מאָט, מאָ(י)ל. „אַ קליין א
י
ווערעמל האָט אים שוין אויסגעהוילט און אויסגעמאָילט“, פֿ. בימקאָ.
אויסמאַך — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסמאַכן. טרוו, ספּעצ מיט די בבֿ 1, 3, 4, 7.
אויסמאַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמאַכן. גרינטלעכע, אויבנאויפֿיקע אאַ א'.
אויסמאַך־מעסער — דאָס, דער, ־ס. 1. מעסער צו רייניקן, אָפּצושאָבן פֿעל, לעדער.

2. מעסערל אַרויסצונעמען קערנדלעך פֿון פּירות.

אויסמאַכן —, אוטוו, דריטפּערזאַניק. מאַכט אויס, ~געמאַכט. 1. שאַפֿן, מאַכן אַ חילוק; זען אַן אונטערשייד. געוויינטלעך מיט נ י ט. „און ווען ער שיידט אָפּ פּריִער מעשׂר שני פֿאַר מעשׂר ראשון, מאַכט דאָס ניט אויס„ (אין בכּך כּלום), זרעים, 2/10. „ווען בהלה? וואָס בהלה? דאָס מאַכט אַ ייִדן ניט אויס, אַזעלכע אָדער אַזעלכע — אַלץ איינס“, ממוס, שלמה.

2. אָנגיין, אַרן, קימערן. ס'רובֿ מיט נ י ט. „אַז די שבתדיקע קאַפּאָטע אַשטייגער איז צעהאַקט, צעפֿאַלן... — מאַכט אויך ניט אויס„, ממוס, מסעות. „וואָרעם דעם בחור אַליין האָט ניט אויסגעמאַכט גאָרניט, געבֿ אים יאָ, געבֿ אים ניט“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע II. „אַז עס מאַכט ניט אויס — נעמט מען ריצנאייל (קאַסטאָרקע)„, פֿוול [ווש מיט אויסמאַכן טרוו, בֿ14. ווערט געזאָגט וועגן עמעצן וואָס עס אַרט אים קיין זאַו ניט]. *וואָס מאַכט עס אויס? = ניטאָ קיין חילוק, קיין נפֿקא־מינה; ס'איז אַלץ גלײַך. „קליין און גרויס, יונג און אַלט — וואָס מאַכט עס אויס? אַלע זײַנען ייִדישע

אויסמאַכן

קינדער", ממוס, ווינטשפּ. *עס וואָלט ניט אויסגעמאַכט = עס וואָלט געווען גוט, עס וואָלט זיך געפּאַסט. „עס וואָלט ניט אויסגעמאַכט איצט אַ לחיים. אָבער האָט איר דען בראַנפֿן?". „פּאַריז וואָלט אַוודאי נישט אויסגעמאַכט, ווער מען דיך דען לאָזן?", סמב.

3. זײַן אַ שטער, אַ מניעה, עפּעס וואָס רופֿט אַרויס ווידערווילן. „שפּעטער אָבער אַז איך בין מיט די צרות שוין געוויינט געוואָרן, האָט מיר די אַכילה שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט", ממוס, ספֿר הבהמות. „דאָס דערלאַנגען אַליין [צום טיש] וואָלט נאָך אפֿשר ניט אויסגעמאַכט, זענען אָבער פֿאַראַן אַלערליי מענטשן", שע, מאָטל דעם חזנס.

4. האָבן אַ ווערט, זיך רעכענען. "איז אַ נאָענטער שכן אַן אייגענער מענטש, געהער צו דער משפּחה און מאַכט אויס מער ווי אַ לײַבלעכער קרובֿ אין די גרויסע שטעט", ממוס, ווינטשפּ.

5. אַקוזוו — אויסקומען, אָנטרעפֿן, באַטרעפֿן. וויפֿל מאַכט עס אויס? (אין סך־הכּל) עס מאַכט אויס אַ צעבראָכענעם גראָשן. עס

מאַכט אויס אַ קיימאָ־לן פֿון... עס מאַכט אויס פֿינף רובל אויף אַ מענטשן. „אָרע￼ע קרעמער און סתּם־ייִדן פֿלעגן שוין פֿאָרן אינגאַנצן מיט ...
דער בויד, וואָס דאָס האַט אויסגעמאַכט אַ העלפֿט געלט“, אר, 'דער גרויסער פּאַסאַזשיר'.
*ס'מאַכט בײַ מיר אויס ווי בײַ דער רביצין אַ פֿלוי אין בעט = ס'האָט ניט קיין באַטײַט, קיין ווערט.
ויסמאַכן — טרוו. מאַך אויס, ~געמאַכט.
1 פֿאַרענדיקן מאַכן, מאַכן ביזן סוף. „אַך
￼
טאָר קיינר קיין מלאָכה ניט אַן היבן ווען עש מנחה צײַט ווער, עש זייא דען דאָז ער זי קענט פֿר מנחה אויז מאכין“, לט1, 2/25.
„שוין אַלץ אויסגעמאַכט, אַצונד קען מען זיך פֿאַררוען“, רייד. „אָסור בשבת...צו מאַכן פּדיון הבן אָדער משפּט אויסצומאַכן בשבת“, הרבֿ א. ברודא, הליכות עולס, אונגוואַר 1864.
2. אָפּטאָן, מאַכן אַ צאָל זאַכן, דורכפֿירן פֿאַרשיידענע אַרבעטן. „שוין צוגעראַמט די שטוב, צוגעשטעלט עסן, פֿאַרוויגט דאָס קינד — וואָס איך האָב שוין אויסגעמאַכט הײַנט!“, רייד. א, פֿאַלשע פּאַפּירן.

3. באַאַרבעטן, אויסאַרבעטן; דורכפֿירן באַשטימטן פּראָצעס פֿון אַרבעט. א, לעדער פֿון פֿעל, א, זוילן פֿון לעדער. „ער שלעפּט טאַטשקעס ליים, מישט די ליים מיט זאַמד, קנעט מיט די פֿיס, מאַכט אויס ציגל“, בערג, בײַם דניעפּער I. *א, זאָקן = פֿאַרענדיקן שטריקן זאָקן. *א, ח ל ה = צעטיילן טייג אויף שטיקער, איבערקנעטן יעדער שטיק, אויספֿורעמען די חלה. “די בעדערין...נעמט זיך שטילערהייט צו דער מולטער, א, די חלה אויף שבת“, שע, קליינע מענטשעלעך. *א, צ י צ י ת = צונויפֿפֿלעכטן ציצית לויטן דין נאָך.

4. אויסרייניקן, אויסקראַצן, אויסשאָבן. א, די אויגן מיט אַ פֿינגער, מיט אַ טיכל. א, די ציין מיט אַ העלצל. „מן זאָל דיא קישט וואו דער שטיין הרום לויפֿט וואול אויש מאַכן“ [רעדט זיך וועגן אַ מיל וואו מע דאַרף מאָלן פּסחדיקע מעל], ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, יג/א. *א, אַ ן ע ו ף = אויפֿשנײַדן,

אויסמאַכן

אַרויסנעמען אינגעווייד, אינגאַנצן צוגרייטן צום קאָכן (בראָטן א‎). *א, ד י פֿ י ש =

אָפּשאָבן, אַרויסנעמען אינגעווייד, צעשנײַדן.
*א, פֿ ע ל = רייניקן, אָפּקראַצן די האָר.
*א, ק אַ ר ש ן = (אָדער אַנדערע פּירות
מיט קערנדלעך) = אַרויסנעמען די קערנדלעך,
ביינדלעך. *א, ד אָ ס ט ע פּ ל = אויך:
אויפֿעסן אַלץ פֿון טעפּל. *א, אַן (דעם, דאָס)
א ו י ע ר = אויך: אָפּנאַרן, אַרויסנאַרן,
באַשווינדלען. „דער סוחר האָט אים
אויסגעמאַכט דאָס אויער, פּשט פּשוט —
געפֿריצעוועט„, פּרץ. „האָבן זיך...אַ לאָז געטאָן צו
איר שיינע מענטשן...און מע האָט אָנגעהויבן
צענעמען דאָס חדר, געוואָלט א, אַן אויער ווי
עס געהער צו זײַן“, שע, 'דרײַ אַלמנות„.
5. צונויפֿשטעלן; אָנשרײַבן אויפֿן
געהעריקן אופֿן. ◻ אַ שיינעם בריוו דער כלה; א,
אַ פּראָשעניע. „איין טאָג גייט אַוועק, אַ
צווייטער...שוין גענומען זײַן צוואָה אויסצומאַכן
האָט דער אייבער־נעגל־שנײַדער„, יהואָש, „אַ
קאָנסטיטוציע'.
6. שאַפֿן אַן איינס, אָרגאַניזירן אין אַ
גאַנצקייט (אָדער גרופּע, טייל). „אַלע רמ“ח
אבֿרים און שס„ה גידים מאַכן נאָך ניט אויס
איין מענטשן“. „מיר אַלע מאַכן ניט אויס איין
פֿאָלק, וואָס מיר זענען גלאַט נאָר ייִדן, אַ

טשערעדע שאָף“, ממוס, אַ סגולה. „
געבילדעטע מענטשן מאַכן נאָר אויס דעם מיעוט“, קמ, No ,18▯8 41.

7. אָפּמאַכן, אָפּריידן. א, צווישן זיך. „און, די שמאים זאָלין אויך ניט טערין רידן פֿון דען פּסול מיט אים ביז זיא...האָבן נאַר אויז גימכט און, איין גישריבן“, תקק. „...מיט אים אויז גימאכט דאָז מיר האָבין אים בּ, ר“ט [= רײַכסטאָלער] יותר געבּין„, גה, 256. „מיר האָבן ניט אויסגעמאַכט אַלע פּרטים, האָט מען שפּעטער זיך געאַמפּערט וועגן די תּנאָים„, רייד.

8. מאַכן אַ פּשרה, דורכקומען. ▯לכסוף האָכין זיך לייט דרין גליגט און, האָבין רבּני, און, דייני, מק„ק פֿראַנקפֿורט לאָזין קומין דיא זולין דיא זאַך אויז מאכין„, גה, 65.

9. קלאָר מאַכן, אויפֿקלערן. „והשיבֿ השׂר ער זאָל...ווידר קומין, וויל ער באותו היום הערל והרכבֿ אַך קומין לאזין קיגין אננדר צו הערין און, דיא זאַך אויז מאכין“, כּ„י וועגן מעצער עלילת־דם [פֿש, III].

1O. מאַכן עס זאָל מער ניט זײַן, אָפּשאַפֿן, בּטל מאַכן. „וועןמן דען פֿלעקן בלד אויז מאַכט, דאָ איז דר פֿלעקן גרינג אויז צו ברענגן„, לט1, 2/37. „און עס האָט מיר ניט

געהאָלפֿן די רייד, ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן, אויסצומאַכן די דאָזיקע גזירה", ממוס, אַ גרויע האָר'.

,

11. דערקלערן אַז עס איז אויס. אַרכ. „און דערנאָך מוז מן אַן היבּן שבּת צו מאַכן אַן פֿרייא טאָג אי דיא זון אונטער גיט, און אַך שבּת ווידר אויז מאַכן ווען די שטערן אין הימל שטינן", לט1, 1/26. „ווען ישׂראל שבּת אויש מאַכן..." , ר, יחיאל מיכל עפּשטיין, דרך הישר לעולם הבּא.

12. אָפּזאָגן פֿון אַמט, שטעל. ל2. „זיי... האָבּן מיך געוואָלט אויסמאַכן [= מאַכן אויס] ראָש הקהל...", קמ, 40 1863' No.

13 פֿאַרנעמען. „דעם בּעסטן טייל יבּשה
.
מאַכן פֿעלדער אויס פֿון זיי קומט די בּאַשע—
,
פֿעניש פֿיל גוטס אַרויס", ממוס, שירה.

14. אַרויסבּרענגען אויסשיידונג; אָנמאַכן. „כ'פֿרעס אויף צוויי מענער אויף יעדן פֿרישטיק און מאַך זיי אויס צו מיטאָג„, י. עלבּערג, איך, פּסח תּש"י.

15. אויסלעשן עלעקטריש ליכט. לר. (
ווילנע). „פֿאַרגעס ניט אויסצומאַכן די ליכט איידער
דו גייסט אַרויס„.

16. אַמ. to make out: ▯ <. א)
פֿאַרדינען, לייזן. „ווי האָסטו אויסגעמאַכט אין לעצטן
געשעפֿט“; בּ) אונטערשיידן, דערקענען (מיטן
געדאַנק, מיטן אוי▯). „איך קען ניט א, ווער
עס איז דער עלטערער„. ג) קומען צו אַן
אויספֿיר. „וואָס קענסטו א, פֿון דער גאַנצער
לאַגע?„. ניט וויסן וואָס אויסצומאַכן = ניט
זײַן זיכער אין עפּעס.
אויסמאַכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿון זיך
ווערן, טרעפֿן זיך. „עס מאַכן זיך אויס
אַזעלכע צרות אַז מע זאָל בּאַהיט ווערן„. 2.
בּאַשליסן זיך, דעצידירן זיך. *א, זיך
נאָכמיטאָג = צו שפּעט אָננעמען אַ בּאַשלוס. גראָבּ.
3. בּאַפֿרידיקן נאַטירלעכע בּאַדערפֿענישן. פֿטמ.
„...און וואַרטן בּיז זיי וועלן זיך דאָרט
אינעווייניק א'“, בּימקאָ. 4. פֿאָרטיק ווערן. גראָבּ.
5. זיך לחלוטין ניט רעכענען, ניט לייגן קיין
אַכט. גראָבּ. זיך א, אויף אים (זײַנע רייד).
6. קזוו — דורכקומען צווישן זיך. זיי וועלן
זיך קריגן און דערנאָך וועלן זיי זיך א'.

אויסמאַכעניש — דאָס (ד), ־ן.
אויסמאַכונג, געדויערדיקע; אָפּט מיט איר בײַטעם.
אויסמאַכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס מאַכט עפּעס אויס. 2. אַרבעטער, בעל־מלאָכה וואָס פֿירט דורך אַ באַשטימטן אַרבעט־פּראָצעס, געוויינטלעך דער וואָס פֿאַרענדיקט די אַרבעט. 3. (אין בורשטין־פּראָדוקציע) אַרבעטער וואָס מאַכט גרעסער דאָס דורכגעבויערטע לעבל אין אַ צילינדערל בורשטין, (פּאַלאָנגע, זאַמעט).
אויסמאַכערײַ — דאָס & די, ־ען. 1. אַרבעט, באַשעפֿטיקונג פֿון אַן אויסמאַכער.
2. אויפֿטו, דערגרייך. 3. פּשרה, אַנטשייד.
אויסמאַכעריש — אַדי. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויסמאַכער. וואָס איז ווי בײַ אַן אויסמאַכער.
אויסמאַכערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסמאַכעריש.
דערגרייכערישקייט, אויפֿטוערישקייט.
אויסמאָל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסמאָלן
2. I & II. מעל נאָכן אויסמאָלן תּבֿואה (קערנער). גרויסער, קליינער א'. אָפּפּאַל בײַם א',.
אויסמאָלויצע —. טרוו ־ייִצען, ~מ

ון .

-

ע אויס, ~געמ

לויצעט. וורר. אויך: ~מאַ
לאָטשען. אויסדרעשן. דזוו אויסמלויטשען,
אויסמלויצען ←.

אדיסמאָלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסמאָלן I & II. „דער גאַנצער
זינען פֿון רעדן איז...די א, פֿון דער זאַך
איבער וואָס מע רעדט“, לדב.

אויסמאַליעווען — טרוו. ־ליעווע אויס, ~
געמאַליעוועט. אויספֿאַרבן, אויסמאָלן I (ווענט,

אויסמאָלן

ל

ענ 1 — דאָס (די), ־ן.

פּראָסופּיט).

בנוג דילן געוויינטלעך אויספֿאַרבן].

אויסמאָ

צעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמאַליעווען.

אויסמאָלן 1 — טרוו. מאָל אויס, ~געמאָלט
(אין לד ביזן סוף 19. יה אויך: ~געמאָלן).
1. אויספֿאַרבן (ווענט, סופּיט, אויך דילן);

אויסמאַליעווען. „מע דאַרף אויף פסח א, די
שטובּ“. „ווער עס לאָזט אַ הויז א, [און ס'האָבּן
זיך אָנגערוקט די נײַן טע▯], זאָל ער זען דעם
(בּעל־מלאָכה) מפּייס צו זײַן דאָס ער זאָל
וואַרטן בּיז נאָך תּשעה־בּאָבֿ“, הרבֿ א. בּרודא,
הליכות עןלם, אונגוואַר 1864.
2. דורכפּירן אַרבּעט פֿון שאַפֿן
קינסטלעריש בּילד; מיט פּענדזל אָדער אַנדערע
מכשירים שאַפֿן גלײַכעניש צו עפּעס, עמעצן. „מן
טאָר ניש אויש מאָהלין צורה פֿון דר זון
אָבּר [= אָדער] פֿון דר לבֿנה הן זי זענן שוקע
הן זי זענן בּולט„, ספֿר שלחן ערוך [
זשאָלקווע? אָנהייבּ 19. יה▯], בּ, ר/א. „אויף דעם
גלאַטן בּירקן־שאָלעכץ האָט ער אויסגעמאָלט
פֿיגורן“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.
3. מאַכן צייכענונגען, אָנצייכענען, שאַפֿן
קאָנטורן. „אַזוי ווי אוקלידעס...האָט ער
איטלעכע זאַך אויסגעמאָלט אין דער זײַט, כּדי מע
זאָל פֿאַרשטיין וואָס ער מיינט“, חה, בּ, 222.
„און זי האָט אים געשיקט אַזוי ווי אַ שטיק
לאַנדקאַרט און זי האָט דראָף אויסגעמאָלט
אַלע ערטער וואָס די מוטער...“, נחבּ, לד/בּ.
„עס וויל אויף אונדזער שויבּ דער פֿראָסט ניט
א, קיין בּלומען„, אַר, 'פֿאַרשפּעטיקט'.

4. געבן אַ (גאַנץ) בילד אין פֿאַנטאַזיע; אויספֿאַנטאַזירן. א, (זיך, יענעם) גליקן, נעכטיקע טעג, ניט־געשטויגנס, ניט־געפֿלויגנס. „זײַן קינדערשער שׂכל האָט אים אויסגעמאָלט אַזאַ פֿינגערל וואָס מע זאָגט...איך ווינטש דאָס, איך ווינטש יענס — האָט מען דאָס“, ממוס, ווינטשפֿ. „איך בין בײַם וועג געלעגן און געהיט...און אויסגעמאָלט אַ הויכן און אַ שטילן וואָס ברענגט אַ נײַע ערד צו טראָגן“, יהואָש, 'מאָריטורי סאַלוטאַמוס'.

5. אָפּשילדערן אין ווערטער; אויסדערציילן וועגן אויסזען, אײַנדרוק אאַ״ „איך וועל [אונדזער מוטער גלופּסק] אײַך א, ווי אַ לעבעדיקע: ווי זי שטייט און גייט, ווי זי קליידט זיך, ווי זי האַנדלט און וואַנדלט“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „אַז מע קומט צו אַזאַ גרויסן גבֿיר, דאַרף מען א, דעם חורבן מיט אַלע פּיטשעווקעס“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.

6. פֿאָרשטעלן, אויפֿקלערן, געבן צו פֿאַרשטיין. א, מיט אַ משל. „פֿריִער באַדאַרף זיך דער מענטש א, אין זײַן מחשבֿה און טראַכטן אין זײַן האַרץ אַז מע באַדאַרף טאָן די מצווה“, חה. “איך קען גאָרניט א, אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע איך האָב מיך געפֿונען“, ספּ,

ייִדישער קאָלאָניסט. *מאָל (דיך, זיך) אויס = שטעל זיך פֿאָר. „הײַנט מאָלט אײַך אויס ווי אַזוי מיר האָבן זיך געחידושט“, ממוס, שטורעמצײַט.

ווען ס'איז ניט מעגלעך געבן צו פֿאַרשטיין: *א, (פֿאַר) אַ בלינדן אַ רעגנבויגן, *א, (פֿאַר) אַ טויבן דאָס שפּילן פֿון קלעזמער (אַ קלעזמער פֿון דעם פֿידלער, דעם ווילנער באַלע,
בעסלס זינגען אאַ). *א, (פֿאַר) אַ סריס דעם טעם

אויסמאָלן

פֿון ביאה. (ניט קענען געבן צו פֿאַרשטיין און דערבײַ אָפּלאַכן); א, (פֿאַר) אַ הונגעריקן דעם טעם פֿון אײַנגעמאַכטס (לעקעך, סמעטענע). פֿפֿ: א, ווי אַ ליאַלקע, צאַצקע, קאַרטינקע.
אויסמאָלן 11 — טרוו. מאָל אויס, ~געמאָלט און ~געמאָלן. 1. אויסרײַבן צווישן מילשטיינער (אָדער אויף אַ פּרימיטיוון אופֿן) תּבֿואה־קערנער אויף מעל. א אַ פּוד קאָרן;
,
א אַלע זעקלעך ווייץ אאַזוו. 2. דרייען אין
,

אַ מילכל (קאַווע־ פֿעפֿער־מילכל) האַרטע
,
קערנדלעך, עס זאָל ווערן אַזוי ווי מעל. א,
אַ פֿונט קאַווע, ענגליש געווירץ אאַ. *א,
עמעצן דאָס געלט = אָפּגעבן אַ גרעסערן חובֿ
אין גראָשנס; פּטרן אַ צווייטנס געלט אויף
קלייניקייטן. 3. גיך און אַ סך
אויסדערציילן, אָנרעדן פֿולע אויערן, קלאַפּן אין קאָפּ
מיט איבעריקע פּרטים. „זי האָט גענומען
רעדן און דערציילן, אויסגעמאָלן ווי אַ
ווינטמיל“.
אויסמאָלן זיך 1 — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
מאָל זיך אויס, זיך ~געמאָלט. זיך טרעפֿן,
געשען. געמאָלט זײַן. „סע קען זיך אַמאָל א,,
סע זאָל טאַקע זײַן אַזוי ווי ער זאָגט,,, פֿטמ.
*עס איז ניט אויסצומאָלן זיך = א) ס'קען
ניט געשען; בּ) אַזוי גוט, שיין (אָדער שלעכט,
מיאוס) איז עס!
אויסמאָלן זיך 11 — אוטוו. מאָל זיך אויס,
זיך ~געמאָלט, ~געמאָלן. 1. אויפֿהערן
(מער ניט קענען) מאָלן מעל. די מיל, דער
מילנער האָט זיך אויסגעמאָלט. 2. זיך בּאַקומען
ווי אַ רעזולטאַט פֿון אויסמאָלן II. „זע ווי
ווייניק אויסמאָל מיר האָבן, עס האָט זיך

אויסגעמאָלן ווייניקער ווי מיר האָבן גערעכנט“.
אויסמאָלעכץ — דאָס, ־ן (־ער). אויסמאָל.
אויסמאָלונג (אויך מיט ביטול).
אויסמאָלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע) אויסמאָלונג.
אויסמאָלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס מאָלט אויס (מיט אַלע בבֿ פֿון
ביידע ווערבֿן). שילדערער, שיינער דערציילער.
פֿאַנטאַזיאָר, בעל־דמיון.
אויסמאָלערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט,
אויפֿטו פֿון אויסמאָלער. גרינטלעכע,
פּרטימדיקע אויסמאָלונג. „אַזאַ א, האָט אַוודאי
געדויערט אַ היפּשע צאָל וואָכן„.
אויסמאָלעריש — אַדי. פֿאַנטאַסטיש. וואָס
ווערט געשילדערט מיט אַ סך פּרטים. א'ע
רייד, מעשׂיות אאַ.
אויסמאָלערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסמאָלעריש. „מע
זעט אויפֿן בילד שווערע פּראַצע און
פּרטימדיקע א'“.
אויסמאַלפּעווען — טרוו. ־פּעווע אויס, ~
געמאַלפּעוועט. אינגאַנצן נאָכמאַכן; נאָכקרימען
אַ צאָל. „מע דאַרף ניט לאָזן אַ קינד א אַלע
,

וואָס קומען אַרײַן אין הויז".
אויסמאַלצן — טרוו. מאַלץ אויס, ~געמאַלצט. האַלטן גערשטן (אַנדערע מינים תּבֿואה) אין וואַסער און דערנאָך טריקענען, עס זאָל ווערן מאַלץ. צוגעבן מאַ▯I.. אויסבּרײַען. „שוואַכע בּיר, מע האָט ניט גענוג אויסגעמאַלצט די גערשטן„..

אויסמאָל־קראַפֿט — די. מצ נבֿ. כּוח פֿע,
איקייט צו מאָלן, אויסצומאָלן. פֿאַנטאַזיע, דמיון.
אויסמאַמלען — טרוו. ־מל אויס, ~ געמאַמלט. דזוו אויסשטאַמלען ←.
אויסמאמרן — [...מײַ'מערן] טרוו. מאמר אויס, ~געמאמרט. אַרויסבּרענגען עפּעס (אויף אַ פֿאַרדרייטן אופֿן) אין אַן אַרטיקל, מאמר. איר. א, עפּעס וואָס מע קען דרייען אי אַהין אי אַהער.
אויסמאַנגלען — אוטוו, דריטפּערזאָניק, אומפּ. מאַנגלט אויס, ~געמאַנגלט. דטשמ. אויספֿעלן;

פֿילן אַ דוחק אין עפּעס. „עס מאַנגלט אים
אויס (אין) געלט„. „דעם סוחר מאַנגלט אויס
אומזאַץ־קאַפּיטאַל“.
אויסמאַנגלען — טרוו. ־גל אויס, ~
געמאַנגלט. אויספּרעסן געוואַשן און געטריקנט
וועש מיט אַ ספּעציעלער ברעט (מיט
אַרויסהייבונגען און פֿאַרטיפֿונגען) אָדער אויף אַ
פּרימיטיווער מאַשין, אַ מאַנגל. „די ווײַבער פֿון
די אַרומיקע גאַסן פֿלעגן ברענגען אַהין
געוואַשן און געטריקנט וועש אויף
אויסצומאַנגלען“, אַש, גראָסמאַן און זון.
אויסמאַנ(ד)זערעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געמאַנ(ד)זערעוועט. וורר. < וור ־ □3□ □]a□]□]□ נ
□]aB□]□], וואָס שטאַמט פֿון ממז(י)ר,
אויסממז(י)רן. דזוו אויסממז(י)רן ←,
אויסמאַנצלען ←.
אויסמאַנדלען — טרוו. מאַנדל אויס, ~
געמאַנדלט. באַשיטן מיט מאַנדלען (אַ
געבעקס), אַרײַנגעבן מאַנדלען (אין טייג). א,
אַ לעקעך.
אויסמאָנדרישן — טרוו. ־יש אויס, ~
געמאָנדרישט. < מאָנדריש. 1. אַרויסנאַרן דורך
אַ שפּיצל, המצאהלע. א, בײַ אים געלט.
2. אויסטראַכטן, אויסקליגלען. א אַ פֿאָרטל.

,

אויסמאַנדרעווען — טרון. ־עווע אויס, ~ געמאַנדרעוועט. אוקר, וורר. אויסמאַטערן, אויסמאָרען. „איך הייב אָן צו לויפן. די חבֿרה — נאָך! נאָך!...האָבן זיי מיך אויסגעמאַנדרעוועט, ביז זיי האָבן מיך פּאַריאָגט...“, מ. דלוגאַטש, קמ, 26 1870, No.

אויסמאָנונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסמאָנען.

אויסמאַנטאָזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~ געמאַנטאָזשעט. לאָקל, (כערסאָן, אַדעס). דזוו אויסמאַנטאַטשען.

אויסמאַנטאַטשען, ~מאַנטאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~געמאַנטאַ(אָ)טשעט. < אוק, וור < ממתּקים. 1. אוקר. אַרויסקריגן געלט דורך שווינדל, אויסנאַרן. „אויס גרויסער געווינס! מע האָט צוגענומען, אויסגעצאַפּט, אויסגעמאַנטאַטשעט און אויסגעכמאַליעט...ביז דער לעצטער פּרוטה“, שע, דאָס גרויסע געווינס.
2. וורר. אויסבעטלען, אויסשנאָרן. „איך האָב ביי אים אויסגעמאַנטאָטשעט אַ גאַנצן פֿונט צוקער“, רייד. (בערעזין, מינסקער ג,). פּפּ: א, וו אַ גנבֿ, זשוליק, ציגײַנער; ווי אַ בעטלער,
,

בעטלערוק, זשעבראַק.

אויסמאָנטאָנעווען —. טרוו. ־נעווע אויס,
~געמאָנטאָנעוועט. amontonar: □ □. <.
שפּאַ (אין אַרגענטינער קאָלאָניעס). אויסשטעלן
סנאָפּעס, בינטלעך תּבֿואה, די זאַנגען זאָלן זיך

אויסמאָנען

טריקענען. „דער קאָלאָניסט...האָט אָפּגעשניטן
דעם ווייץ...דאָס אַלץ האָט ער געקאָנט טאָן
אַליין אָן פֿרעמדער הילף, אָבער...א',
אײַנפֿאַרווירן צו דעם דאַרף מען שוין אַ סך הענט“,
פֿאַרבער, 'דערגרייכט דעם ציל, [אַנטאָלאָגיע
פֿון ייִד, ליט, אין אַרגענטינע, 1944].
אויסמאַנטוליען — טרוו. ־ליע אויס, ~
געמאַנטוליעט. וורר. אויסבעטלען דורך
כיטרעקייט, ליגן. אויסמאַנטאַטשען.
אויסמאָנטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
מאָנטירט. אויספֿאַרריכטן מעכאַנישע
דעפֿעקטן, מאַשינען. א, אַלע ניימאַשינען פֿון
וואַרשטאַט.
אויסמאַנטען, ~מאָנטען — טרוו. ־טע אויס,
~געמאַ(אָ)נטעט. אוקר. אויך: ~מאַנטיען.
1. אַרויסקריגן געלט (דורך שווינדל). “...אַ

ווילדער ווערטלזאָגער, אַ פּריטשעפּע וואָס קען
א, תּיקון אַפֿילו בײַ דער וואַנט,,, מ. דלוגאַטש
קמ, 25 ,1870 ,No. ,,ער האָט דורך אָבמאַן...
אויסגעמאַנטיעט בײַם פּאָטשטער העכער 3,000
רובל“, ייִל, פּוילישע ייִנגל, 1895. ,,קלערט
אויס אַן אַנדער שקר א, די עטלעכע גילדן פֿון
חוץ־לארץ“, יודישער פּאַר־פּסח. 2.
אויסבּעטלען דורך כיטרעקייט, פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַר
אַ קאַליקע. 3. אַרויסשלעפּן בּיסלעכווײַז
בּגניבֿה. ל2. 4. אויסמוטשען. דרייזין.

אויסמאַנטשען, ~מאָנטשען — טרוו.
־טשע אויס, ~געמאַ(אָ)נטשעט. וורר. דזוו
אדיסמאַנטען ←.

אויסמאַניען — טרוו. ־ניע אויס, ~געמאַניעט.
אויך: ~מאַנ(י)עוועו. 1. אַרויסקריגן עפּעס
דורך פֿאַלשע גוטע רייד אָדער זײַן גוט צו
עמעצן. ,,און אַז איך האָב גענומען א, עפּעס
אַ וואָרט, איז כאָטש האַק אים און בּראָק אים
— שטום!“, מ. דאַווידזאָן, דער ליעווער רבי.
2. אַרויסקריגן עפּעס דורך פֿאַלשקייט.

אויסנאַרן. א אַן אונטערשריפֿט, געלט אאַזוו. ,,דער
בּעל־שם האָט אַ גאַנצע אַפּטייק פֿון סגולות און
דערמיט מאַניעוועט ער אויס געלט בײַם עולם“,

אויסמאַניפּולירן — טרוו. ־ליר אויס, ~ מאַניפּולירט. אויסדרייען, אויסקאָמבּינירן, אויסמאַנעווירן. א, צו קריגן די מערהייט שטימען.

אויסמאַנעווירן — טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־ מאַנעווירט. 1. דורך אָרגאַניזירן באַוועגונגען (פֿון אַרמיי־אָפּטיילן, שיפֿן) דערגרייכן גינציקע(רע) פּאָזיציע, גוטן רעזולטאַט. א, אַ נצחון, בעסערע לאַגע, פּלוצעמדיקן אָנגריף אע. 2. איבּערכיטרעווען, איבּערקליגלען. א, דעם שׂונא, די קאָנקורענטן. 3. עפּעס דערגרייכן מיט דיפּלאָמאַטישע, פּאָליטישע מיטלען. „די אָפּאָזיציע האָט אויסמאַנעווירט אַז דער מיניסטאָרן־קאַבּינעט זאָל דעמיסיאָנירן“. 4. אויסקאָמבּינירן, אויסדרייען. „פֿרידע האָט באַשלאָסן אויסצומאַנעווירן, אַז זי זאָל בלײַבן אַליין מיט בּענין“, רייד.

אויסמאָנען 1 — טרוו. מאָן אויס, ~געמאָנט. 1. צונויפֿנעמען דורך פֿאָדערן, בעטן. א, אַלע חובֿות. 2. אויפֿמאָנען בײַ אַ צאָל. „אַלעמען דערמאָנט, אַלעמען אויסגעמאָנט, אָבער ווייניק וואָס באַקומען„.

אויסמאָנען 11 — טרוו. ← דפּוו. באַדעקן באַשיטן מיט מאָן; אַרײַנגעבן מאָן (אין אָ

געבעקס). א, די בולקעלעך.
אויסמאָנער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסמאָנען
פֿאָ,
דערן. אײַנקאַסירער פֿון חובֿות,
בײַשטײַערונגען. אַ צודרינגלעכער א'.
אויסמאָנערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט,
באַשעפֿטיקונג (אויך אייגנשאַפֿט) פֿון
אויסמאָנער.
אויסמאַנצלען — טרוו. ־צל אויס, ~
געמאַנצלט. אויך: ~מאַנצן. 1. אויסבעטן,
אויסבעטלען. אויסמאַנטשען, אויסמאַנטען. „און
פֿלעגט דערצו נאָך א, זייער פֿיל געלט בײַ דעם
פֿאָטער„, אמד. "טוט אויך גריסן אַלע חבֿרים
און מאַנצלט בײַ זיי אויס פֿאַר מיר ביכלעך",
בראָד, ייִד, קולטור, 1957, יוני־יולי. 2.
אַרויסקריגן דורך כיטרעקייט. אויסמאַניען. א, בײַ
דער אַלמנה איר לעצטן גראָשן.

מאָנצלט. פֿפֿ: ~מאָנטשלען. צעטיילן אויף
אויסמאָנצלען — טרוו. ־צל אויס, ~

געגאָר קליינע שטיקלעך. א, אַ רעפֿטל ברויט פֿאַר
אַלע קינדערלעך.

אויסמאַנקירן — ־יר אויס, ~געמאַנקירט.
אוטוו — (סוחריש) אויספֿעלן. „דעם סוחר
מאַנקירט אויס עטלעכע טויזנט רובל“. „עס
מאַנקירט אונדז אויס אַ דריטע האַנט צו אַ
פּרעפֿעראַנסל“. טרוו — אויספּלאַנירן,
אויסקאָמבינירן; גוט אויסרעכענען (פֿאַר עמעצנס
טובֿה).
„ער האָט דאָס שוין אַזוי אויסגעמאַנקירט אַז די
איבעריקע קאַנדידאַטן זאָלן זיך אָפּזאָגן“. „א,
אַ פֿײַנערע נדבֿה“, נס.

אויסמאָס — דער, ־ן. פֿאַרנעם; אויסמעסט
בּ2 ←. “ערשט איצט הייבּט מען אָן צו
באַנעמען דעם א, פֿונעם גיגאַנטישן חורבן“, א.
טראָצקי, טמז, 29 58 ▯I.

אויסמאַסאַזשירונג — די, ־ען. פּראָצעס
פֿון אויסמאַסאַזשירן. גרינטלעכע א'.

אויסמאַסאַזשירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
מאַסאַזשירט. לויט באַשטימטער סיסטעם
אויסקנעטן, אויסרײַבן מוסקלען, דעם קערפּער (ווי
אַ היילמיטל). א, דאָס פֿעטע לײַב. א, נאָך
עטלעכע פּאַציענטן.

אויסמאָסט(י)ען — טרוו. ־ט(י)ע אויס, ~
געמאָסט(י)עט. 1. אויסלייגן מיט ברעטער.
אַוועקלייגן שטרוי, היי (עס זאָל זײַן
באַקוועמער צו זיצן, ליגן). 2. מאַכן אַן אָרט,
אײַנאָרדענען. „דער בעל־עגלה האָט
אויסגעמאָסטעט די בויד מיט די קלומקעס פֿון זײַנע
פּאַרשוינען“.
אויסמאָסט(י)ען זיך — ← דפֿוו. ווי ניט איז
זיך אײַנאָרדענען, זיך אַוועקזעצן, אַוועקלייגן.
„מאָסטע זיך אויס, ווײַל מע דאַרף פֿאָרן אַ
גאַנצן טאָג„. היפּך פֿון אײַנמאָסט(י)ען זיך.
אויסמאַסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
מאַסירט. אויסרײַבן; אויסגלעטן מיט כּוח.
אויסמאַסאַזשירן. ניט גלעטן, נאָר א'.
אויסמאַסירן זיך — ← דפֿוו. זיך פֿאַרנעמען
מיט אָנאַניזם (ספּעצ ווענן פֿרויען).
אויסמאַסקירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
מאַסקירט. אָנטאָן מאַסקעס אויף אַ צאָל. א, די
באַטייליקטע אין פּורים־באַל. אויך: ~
מאַסקעווען.
אויסמאַצע(ווע)ן — טרוו. ־צע(ווע) אויס,
~געמאַצע(ווע)ט. אוקר. 1. אויסרײַבן ביז

שטויב, צערײַבן. „ער וועט אים א', פראָך פֿון אים מאַכן!“. 2. אויסטאַפּן וואול.
אויסמאָצעווען — טרוו. ־צעווע אויס, ~ געמאָצעוועט. אויספֿעסטיקן, שטאַרק אויסבינדן. מע דאַרף א, די שטריק. א, דעם פֿונדאַמענט מיט נאָך שטיינער.
אויסמאָצען — טרוו. ־צע אויס, ~געמאָצעט. סל. געוויינטלעך: ~מאָטשען. אויסווייקן, אויסנעצן. „...בעט מען זיי [די פֿינגער, נאַס פֿון הבֿדלה־ווײַן] אין אַלע קעשענעס, ווי גאַנץ גרויסע גוטע־ייִדן; דאָרטן מאָצען זיי אויס אַלע ווינקעלעך, לאָזן ניט איבער איינס“, דלוגאַטש,
קמ, 24 1870, No [אַ סגולה צו פּרנסה].
אויסמאַקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געמאַקלט. ← אויסמקלען.
אויסמאָראַליזירן — טרוו. ־יר אויס, ~ מאָראַליזירט. אַרויסברענגען מאָראַלישע אויספֿירן (פֿון אַ סיטואַציע, מעשׂה אאַ). אַרויסהייבן דעם מוסר־השׂכּל פֿון עפּעס. א, באַנאַליטעטן.
אויסמאָרדונג — די, ־ען. פּראָצעס וער רעזולטאַט פֿון אויסמאָרדן. הריגה, שחיטה.
אויסמאָרדן — טרוו. מאָרד אויס, ~געמאָרדט

[געווײנטלעך אויסגעמאָרדעט, דטש].
אויסהרגענען; אַכזריותדיק אויסטײטן; אויסקוילען, אויסשעכטן. א, אַ גאַנצע משפּחה.
אויסמאָרדעווען — טרוו. ־דעווע אויס, ~ געמאָרדעוועט. 1. אויסמאָטערן, אויסמוטשען. א, די לײַבאײגענע מיט שווערער פּראַצע.
2. אויסראָטן, אומבּרענגען. „אהויז גזינד פֿון הולטײאס ווערט אויס גמאָרדיווײט“, מס, משלי תּקע“ד, יד, 11 [„בית רשעים ישמד']. “וועל איך זײ אַלע א', אַז עס וועט פֿון זײ קײן זכר ניט בּלײַבּן“, קמ, 1870 52, No.
אויסמאָרדעווען זיך — ← דפֿוו. 1. אויסמאַטערן זיך, אויסמוטשען זיך. „אַ דאָנערשטיק פֿאַרנאַכט...אײַנהײצנדיק אין אַלע אויוונס און זיך שטאַרק אויסגעמאָרדעוועט פֿון דער אַרבּעט...“, ממוס, פֿישקע. 2. דזוו אויסמאָרען זיך, בּ2 ←.
אויסמאַרודען, ~מאַרודזיען, ~ מאַרודזשען — ־דע, ־דזיע, ־דזשע אויס; ~ געמאַרודעט, ~געמאַרודזיעט, ~געמאַרודזשעט. אקוזוו — פּטרן צײַט דורך גאָרניט טאָן אָדער טאָן זײער פּאַמעלעך. א, עטלעכע שעה. טרוו — עפּעס טאָן זײער פּאַמעלעך, פּטרנדיק צײַט. א, עפּעס בּמשך פֿון עטלעכע שעה.

אויסמאַרוויכערן — טרוו. ־כער אויס, ~געמאַרוויכערט. אויך: ~מאַראַוויכערן. אַרויסגנבֿענען, אויסזשוליקן; אַרויסקריגן עפּעס אויף אַ פֿאַלשן, גנבֿישן אופֿן. ער קען דערווײַל א, אַ בײַטל מיט געלט. *א, די קישקעס = אויסנאַרן, אַרויסגנבֿענען אַלץ, ביז לעצט.

אויסמאַרינירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמאַרינירן. זיס־זויערע, געשמאַקע אאַ א..

אויסמאַרינירן — טרוו. ־ניר אויס, ~(גע)־ מאַרינירט. 1. צוגרייטן שפּײַז דורך האַלטן אַ געוויסע צײַט אין אַ כּלי מיט זאַלץ, זײַערס, געווירצן, לאָרבערבלעטער; פֿאַרענדיקן מאַרינירן, מאַרינירן אַ צאָל (פֿון דעם זעלביקן מין עסנוואַרג אָדער פֿאַרשיידענע מינים). א, העכט און הערינג, פֿיש אויף שלש־סעודות, אַ

קעלאויסמאַרקעווען

בערן צינגל אאַזוו. 2. אויפֿהיטן אויף שפּעטער. „דו האָסט געבראָטנס? מאַריניר זשע ניט אויס, דערלאַנג צום טיש!“. *א, אַ מויד, מוידן = איר, גראָבלעך, וועגן עלטערן וואָס זאָרגן זיך ניט חתונה צו מאַכן אויסגעוואַקסענע

טאָכטער (טעכטער).

אויסמאַרכ(עווע)ן — טרוו. מאַרך, ־כעווע אויס; ~געמאַרכ(עווע)ט. 1. אויסזויגן, אַרויסקריגן, אַרויסנעמען דעם מאַרך. א, אַ ביין. „אויסגעמאַרכעוועט די ביינער“, אפּא. 2. אײַנטריקענען, מאַכן דאַר, אָן פֿײַכטקייט. „אָן רעגן איז די ערד אויסגעמאַרכעוועט געוואָרן“. 3. אויסמאַטערן דורך אַרבעט; מאַכן אָפּגעצערט פֿאַרדאַרט. דער הונגער מאַרכט אויס.

,

אויסמאַרעווען — טרוו. ־רעווע אויס, ...,
געמאַרעוועט. לאָקל (סאָניק און טייל געגנטן פֿון גאַליציע). אויספּאַטשן, צעשלאָגן. א, די מאָרדע.

אויסמאָרען — טרוו. מאָרע אויס, ~געמאָרעט. 1. אויסהונגערן; אויסמוטשען, אויסמאַטערן (דורך אַרבעט, הונגער, קראַנקייט). „מע האָט אויסגעמאָרעט טויזנטער מענטשן אין די אַרבעטס־לאַגערן“. „שוין אַ צײַט מאָרעט ער אונדז אויס און וויל אונדז קיין פֿלייש ניט טרייבערן“, קמ, 2 .45 1869, No. אומבערענגען. א, פרײַסלעך, פֿליגן אע. א, די פֿערד אין ווײַטן וועג.

אויסמאָרען זיך — ← דפּוו. 1. האָרעווען

בּיזן פֿאַרלירן די כּוחות; איבּעראַרבּעטן זיך.
זיך א, בּײַ שווערער אַרבּעט. 2. בּכּיוון ניט
דערעסן און ניט דערשלאָפֿן (כּדי מע זאָל ניט
צונעמען אין מיליטער). „לאַנגע חדשים פֿאַרן
פּריזיוו האָבּן בּחורים גענומען זיך א, כּדי צו
קריגן ווײַסע בּילעטן“.
אויסמאָרעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמאָרען (זיך).
אויסמאַרקירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסמאַרקירן.
אויסמאַרקירן —, טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)־
מאַרקירט. 1. מאַכן, אָנמערקן צייכנס (פֿון
אַלע זײַטן, בּיזן סוף). א, די גרענעצן, א, וואו
עס איז דער אָנהייבּ און וואו עס איז דער סוף.
2. אויסמעסטן; אויספּלאַנירן. „מיר האָבּן
אויסגעמאַרקירט אַז ער זאָל אויסקומען הינטן„,
אמד. „מע דאַרף האָבּן אַ קלעפּקע אין קאָפּ
און קאָנען א, מיטן שׂכל", שע, מנחם־מענדל.
“אַלץ איז אויסמאַרקירט און אויסגערעכנט
געוואָרן פֿאַר דעם ניצלעכן און געבּרויכלעכן“,
אַש, גראָסמאַן און זון. 3. אויסרעכענען אַז
עס זאָל קלעקן, אויסקומען פֿאַר אַלעמען. „אין
זייער צימער פֿלעגט זי א, צו מאַכן פֿאַר
אַלעמען אַן אָוונטבּרויט“, אר, 'דער נײַער יחוס,.

*א, מיט דער הוצאה = זען מע זאָל ניט
אויסגעבן מער וויפֿל מע פֿאַרדינט.
אויסמאַרקן — טרוו. מאַרק אויס, ~
געמאַרקט. לד. אויסצייכענען, אָנצייכענען, מאַכן
סימנים. אויסמאַרקירן בּ1. א, מיט אַ גראָבן
וואו עס ענדיקט זיך אונדזער פֿעלד.
אויסמאַרקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~געמאַרקעוועט. אוקר. 1. דזוו
אויסמאַרקירן, בּ1 און 2 ←. 2. אויסטיילן,
פֿונאַנדערטיילן. ל2.

▯

אויסמאַרש

אויסמאַרש — דער, ־ן. אָנהייבּ פֿון אַ מאַרש,
אַרויסמאַרש. אויסמאַרשירונג. אַן א, מיט מוזיק.
אויסמאַרשירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסמאַרשירן.
אויסמאַרשירן — אקוזוו. ־שיר אויס, ~(גע)־
מאַרשירט. 1. דורכגיין, אויסגיין מיט אַ
בּאַשטימטן סדר, אויף אַן אײַנגעשטעלטן אופֿן
(געווײנטלעך לויט אַ קאָמאַנדע, מיט אַן
אָנפֿירער). זעלנערס, ספּאָרטלערס מאַרשירן אויס.
א, דעם גאַנצן וועג, אַלע גאַסן אע. 2. סתּם

גיין אַ סך. אויסשפּאַצירן. „קיין בריווטרעגער... האָט ניט אַזוי פֿיל אויסגעמאַרשירט אַ טאָג“, שע, אין שטורעס.

אויסמאַרשירן זיך — אוטוו. ← דפּוו. דורכגיין זיך, אויסשפּאַצירן זיך. זיך שפּילן אין מאַרשירן. „נו, קינדער, איר האָט זיך אויסמאַרשירט, און איצט — מאַרש, שלאָפֿן!“.

אויסמאַרשרוטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~געמאַרשרוטעוועט. נעאָל. אויספּלאַנירן וואוהין און ווען צו פֿאָרן, וואו זיך אָפּצושטעלן; אײַנשטעלן געניען מאַרשרוט. א, די גאַנצע נסיעה.

אויסמאָטשען (זיך) — ־טשע (זיך) אויס, (זיך) ~געמאָטשעט. דזוו אויסמאָסט(י)ען (זיך) ←. „מע האָט מיר אויסגעמאָטשעט אַ געלעגער אויף שטולן“.

אויסמאַשענעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~געמאַשענעוועט. לר, וורר. מל. אויסנאַרן דורך אַ שווינדל, אויסזשוליקן. א, געלט, אַ פֿאַרמעגן, אַ חלק אין ירושה.

אויסמבולן — [...מאַבלען] מבול אויס, ~ געמבולט. טרוו — מיטאַמאָל אַ סך אויסגיסן (ווי אַ מבול). „זי איז אַ בריה אויף שילטן, זי מבולט אײַך אויס די גאַנצע תּוכחה אין איין אָטעם„. א, קללות. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן

שטאַרק רעגענען.

אויסמגילהן — [...מעגי'לען] טרוו. מגילה

אויס, ~(גע)מגילהט. אויסדערציילן,

אויסשרייַבן אַ סך (ווי אַ גאַנצע מגילה). „איך האָב

דיר שוין אויסגעמגילהט אַזאַ לאַנגע געשיכטע

אַז איך בין שוין פֿאַרמאַטערט“, פּב.

-

אויסמה־יסיתן — [...מאַיאָ'פֿעסן] טרוו.

מהיפֿית אויס, ~געמה־יפֿיתט. אַרויסקריגן עפּעס

מיט חניפֿה, דורך אונטערלעקן זיך, דורך

טאַנצן מה־יפֿית. „אַפֿילו אַז מע זאָל קענען

א, בײַ אים אַ גאַנצן מאַיאָנטיק, וועל איך זיך

ניט דערנידעריקן“.

אויסמוזיצירן — טרוו. ־ציר אויס, ~

מוזיצירט. עפּעס אויסשפּילן אויף אַ מוזיקאַלישן

אינסטרומענט. אַרויסבּרענגען אייגענע

מוזיקאַלישע שאַפֿונג. א, מיט שוועריקייטן (גראַציעז,

לײַכט). א, עפּעס אייגנס.

אויסמוזן — אַקוזוו. מוז אויס, ~געמוזט.

פֿטמ. מוזן טאָן פֿאַרשיידענע (אַ צאָ□) זאַכן.

„איך מוז, איך מוז! איך קען ניט אַלץ א'!„,

רייד.

אויסמוהן [...מוי'עכן,...מוי'אַכן] טרוו. מוח
אויס, ~געמוהט. אויסטראַכטן, אויסקליגלען.
מיט אָנשטרענגונג עפּעס אויסקלערן. „וואָלט
ער געקאָנט א, אַן ענטפֿער, וואָלט ער נישט
געפֿרעגט“, לע פּאַבּיוס לינד. „אַזאַ זאַך ווי

,
אַ ייִדיש לשון...אָסט־ייִדן האָבּן עס
אויסגעמוהט און אויסגעטראַכט“, יג, איק, 29 57 XI.

27

אויסמוטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~געמוטיקט.
צוגעבּן מוט אַ טייל אָדער אַ גאַנצער גרופּע.
“עס האָט אונדז אויסגעמוטיקט גענעראַל '
אינבּרירה,“, רייד.
אויסמוטנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~
געמוטנעוועט. וורר. מאַכן מוטנע, אומקלאָר,
אומדורכזיכטיק. „רוק ניט די בּרודיקע
הענטלעך אין עמער און מוטנעווע ניט אויס דאָס
וואַסער“.
אויסמוטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געמוטערט. 1. אויסטראָגן און אויסהאָדעווען
(קינד, קינדער). „איך האָבּ אויסגעמוטערט אַכט
קינדער זאָלן געזונט זײַן, אָבּער זינט מײַן

אַלטער איז געשטאָרבן — בין איך אַליין“,
רייד. 2. נעאָל. דורכפֿירן די פֿונקציע פֿון אַ
מוטער (גײַסטיק, □יג); אויסשאַפֿן. „פּאַריז...
האָסט אויסגעמוטערט אַלערליי מאָדערניזמען
אין קונסט, ליטעראַטור, אין אַנדערע געביטן
פֿון קולטור“, בצג, טמז 20 XI 1959.
אויסמוטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געמוטשעט. 1. אויסמאַטערן (דורך אַרבעט,
צרות, איבערלעבונגען, אָנשטרענגונגען אע);
פֿאַרשאַפֿן (פֿיזישע, גײַסטיקע) לײַדן. די
שלאָפֿלאָזע נאַכט האָט מיך אויסגעמוטשעט.
2. עפּעס אַרויסברענגען מיט מאַטערניש. קוים
אַ, עטלעכע ווערטער פֿאַר אַן עולם. 3.
אַרויסקריגן עפּעס מיט מאַטערניש. „...אַמאָליקע
צדיקים וואָס האָבן קוים אויסגעמוטשעט אַ
שטיקל ברויט“, ש. שטע□ו.
אויסמוטשען זיך — ← דפֿוו. אויך: זיך
באַמיִען, זיך אָנשטרענגען. „צו דער אַרבעט
פֿון אַ ווערטערבוך האָט זיך קיינער ניט
געוואָלט נעמען. נו, האָב איך דאַכט מיר קיין
עוולה ניט געטון אַז איך האָב מיך איינער
אַליין אויסגעמוטשעט דעריבער ווי ווײַט
איך האָב געקענט“, ל2, הקדמה, באַרדיטשעוו,
תּרכ“ט.

אויסמוטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמוטשען (זיך). אַן איבּעריקע א,.

אויסמוילן — טרוו. מויל אויס, ~געמוילט. אַרויסזאָגן, אַרויסריידן עפּעס (ניט גוט, ניט צו דער זאַך, לגנאי). ,,ווי נאָר עס עפֿנט אַ פּיסק, מוילט זי אויס אַ קללה", רייד.

אויסמויערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמויערן. ,,און נחמיה האָט פֿאַרענדיקט די א, פֿון די ווענט אַרום ירושלים".

אויסמויערן — טרוו. ־ער אויס, ~געמויערט. אויסבּויען מויער(ן). א, אַ וואַנט, ווענט; אַ הויז, הײַזער. פֿעסטונג(ען) אאַזוו. ,,מע האָט אים

אויסגעמויערט זייער ווארילע מויערן", נחבּ, 'מעשׂה מחכם ותּם', כח/בּ.

אויסמויערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אויסגעמויערט ווערן. ,,זינט עס האָט זיך אויסגעמויערט די קאַבּצאַנסקער גרויסע קלויז, האָבּן פֿאַרנומען דאָרט אַ שטאָט אין מזרחוואַנט...", ממוס, אַ שטאָט אין מזרח'. 2. זיך

פֿאַרפֿעסטיקן מיט מויער(ן). "די תּאווה בּײַם מענטש..., אויסמויערן זיך הויך, צו מאַכן

זיך אַ שם‘‘, ממוס, מסעות.
אויסמוליען — טרוו. ־ליע אויס, ~געמוליעט.
1. אויסרײַבן. א, אַ לאָך אין די הויזן.

אַויסמוסירן

2. אויסרייניקן מיט זייף, מולינ(ק)עס. א, די פלאַכטע.
אויסמוליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אויספּאַטשקען זיך (ווי אַ מוליער). 2.
אויספלאַפּלען זיך. דרייזין.
אויסמוליעניש — דאָס, ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמוליען (זיך). ,,נו, עס הייבט זיך אָן די אויסמאָלעניש מיט די מײַלער, די א', די באַריידעניש אויף וואָס די וועלט שטייט,,.
אויסמוליע(ר)ן — טרוו. מוליע(ר) אויס, ~געמוליע(ר)ט. פֿטמ. דורכפֿירן די אַרבעס פֿון אַ מוליער. א, דעם קוימען, די הרובע.
אויסמולירן — טרוו. ־ליר אויס, ~געמולירט
אויסנאַרן, אַרויסקריגן עפּעס מיט פֿאַלשקייט. ,,דער באַנקקוועטשער מולירט אויס בײַ מײַן טאַטן געלט‘‘, חג, שולהויף.

אויסמולירער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס.
אויסנאַרער, שווינדלער. „ער האָט אַ פּנימל פֿון
אַ נעבעכל, אָבער איזן איז ער אַ זשוליק,
אַן א'“.
אויסמולירערײַ — דאָס & די, ־ען.
אויסנאַרערײַ, זשוליקערײַ.
אויסמולכ(ע)ן — [...מאָלעכן,...מאָלכען] טרוו.
מולך אויס, ~געמולכ(ע)ט. [ווען אָפּשטאַם ←
אַוועקמולכן]. פּר. א, גרענעצן. א, גאַנצע פּעק.
דורכשמוגלען (אַ צאָל זאַכן איבער אַ גרענעץ,
אַ צאָל גרענעצן).
אויסמומלען — טרוו. ־מל אויס, ~געמומלט.
אַרויסזאָגן שטיל, שעפּטשענדיק. מורמלען.
אויסמונדיר(עווע)ן — טרוו. ־דיר(עווע)
אויס, ~(גע)מונדיר(עווע)ט. אויסשטאַטן אין
מונדירן. א, די באַדינערס אין נײַע מונדירן.
„דער וואָיענע שנײַדער האָט אויסמונדירט
גאַנצע פּולקן“.
אויסמונטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געמונטערט. מאַכן לעבעדיק(ער), פֿרישער,
מונטערער. אַ ביסל בראַנפֿן וועט אײַך א'.
אויסמונקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געמונקלט.
1. אויסשעפּטשען, אויסמורמלען. 2.
אויסזאָגן סוד, שטיל באַריידן. 3. מיט

פַֿאלשקייט, מיט קונקל־מונקל עפּעס קריגן.
אויסמוסטערן — טרוו. ־טער אויס, ~
געמוסטערט. 1. מאַכן (נייטיקע) צאָל
מוסטערן. א, זומערקליידלעך. 2. באַדעקן ווענט
(מיט צייכענונגען, בלימעלעך אע) מיט דער
הילף פֿון פּאַרטיקע מוסטערן (בײַם מאַליעווען).
3. אויסשטעלן, אויססדרן לויט מוסטערן. א,
די גלײַכונגען פֿון דער צווייטער מדרגה.
אויסמדסטרעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געמוסטרעוועט. דזוו אויסמושטירן ←. „דאָך
איז איר לײַכטער געווען אים
אויסצומוסטרעווען אום זומער“, ייִפֿאָל, 49 1887, No.
אויסמוסירט — אדי. אויך: ~געמוסירט.
אָפּגעשוואַכט (וועגן זעלצער, אַלקאָהאָלישן
געטראַנק), אויסגעוועפּט, אויסגעבלעזלט. א'ער
מעד, א, סאָדע־וואַסער.
אויסמוסירן — מוסיר אויס, ~(גע)מוסירט.
אוטוו — אויסשוימען, אויסבלעזלען. „דער
זעלצער אין גלאָז מוסירט אויס און ועט
קיין טעם ניט האָבן“. טרוו —
אַרויסבלעזלען. מאַכן עס זאָל מוסירן. „ווען מע קאָכט

אויסמוסקולירט

קאָניאַק אויף אַ קליין פּײַערל, מוסירט עס
אויס אַלקאָהאָל,,.
אויסמוסקולירט — אַדי. שטאַרק, וואָס איז
מיט גוט אַנטוויקלטע מוסקלען. א'ע אַטלעטן.
אויסמוסקולירן, ~מוסקלען — טרוו.
־ליר, ־קל אויס; ~געמוסקולירט, ~
געמוסקלט. אַנטוויקלען מוסקלען. א, די גימנאַסטן
דורך ריכטיקע געניטונגען.
אויסמוסרן — [...מו'סערן] טרוו. מוסר אויס,
~געמוסרט. גרינטלעך פּירהאַלטן,
אויסוואַרפֿן עפּעס; זאָגן שטראָפֿרייד (צו אַ צאָל). א,
די קינדער וואָס שטיפֿן. ,,אָט אַזוי וואָלטן גאַנץ
זיכער געזאָגט און גוט אויסגעמוסרט שלמהלען
די נאָענטע, געטרײַע קרובֿים זײַנע,,, ממוס,
שלמה. ,,דו דאַרפֿסט א, דײַן טאָכטער און
זען אַז זי זאָל...אים ערלעך האַלטן לויט זײַן
ווערדע“, יק.

▯

אויסמוסקרן — [...מופֿקערן] טרוו. מופֿקר
אויס, ~געמופֿקרט. מאַכן פֿאַר אַ מופֿקר, אַ
הפֿקר־יונג; מאַכן מע זאָל ניט מורא האָבן
פֿאַר אַ סכּנה. ,,די מלחמה און דער

בירגערקריג האָבן אויסגעמופֿקרט אַ גאַנצן דור“.

אויסמוסתן — [...מויפֿעסן] טרוו. מופֿת אויס, ~געמופֿתט. אַרויסווײַזן אַ מופֿת, אַ וואונדער, אומנאַטירלעכע זאַך (דערגרייכונג), איר. ,,נו, וואָס האָט דײַן רבי אויסגעמופֿתט?,,.

אויסמוקען — ־קע אויס, ~געמוקעט. אוטוו — אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו מומו. ,,די קו אין שטאַל מוקעט פּלוצעם אויס“. טרוו — 1. דורך קלאַנגען, ענלעכע צו מו־מו, עפּעס אויסדריקן. ,,די קו מוקעט אויס איר בענקשאַפֿט נאָכן קעלבעלע“. 2. אומקלאָר, מיט נידעריקער שטים עפּעס אַרויסזאָגן. ,,וואָס מוקעט ער דאָרטן אויס? מיט וואָס איז ער אומצופֿרידן?“.

אויסמוקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויפֿהערן מוקען. ,,דער האָן האָט זיך אויסגעקרייט, די קו האָט זיך אויסגעמוקעט — ס'איז שטיל“.

אויסמורזען — טרוו. ־זע אויס, ~געמורזעס. לר, וורר (בריסק). אויסשמירן, אײַנריכטן, אויספּאַטשקען (געוויינטלעך וועגן פּנים, הענט). א, דאָס פּנימל.

אויסמורליקען — אוטוו & טרוו. ־קע אויס,

~געמורליקעט. סל. דזוו אויסמורקען ←. א, ווי (פֿאַרליבטע) קעץ.
אויסמורמלען — טרוו. ־מל אויס, ~ געמורמלט. שטיל און גיך עפּעס אַרויסזאָגן (אַזוי אַז די באַזונדערע ווערטער הערן זיו אומקלאָר); אויסשעפּטשען. א, אַ תּפֿילה.
אויסמורמלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (אויסדריקן עפּעס דורך) מורמלען און אויפֿהערן. „דאָס וואַסער אין טײַכל האָט זיך אויסגעמורמלט, די נאַכט איז שטיל“.
אויסמורמלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמורמלען. כּסדרדיקע א, פֿון אַ יום תּהילים.
אויסמורקען — ־קע אויס, ~געמורקעט. אוטוו — פלוצעם, מיטאַמאָל אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מור־מור. די קאַץ, אַ צופֿרידענע, האָט אויסגעמורקעט. טרוו — דורך קלאַנגען, ענלעכע צו מור־מור, עפּעס אויסדריקן. א, צופֿרידנקייט, באַפֿרידיקטקייט.

אויסמושבֿן — [...מוי'שעוון] טרון. מושבֿ אויס, ~געמושבֿט. אינגאַנצן אויסשמוצן; אויסברודיקן אַ צאָל (שטיבער, הײַזער, געגנטן). אָנוואַרפֿן, מאַכן אַן אומאָרדענונג. א, די

גאַנצע דירה.
אויסמושטירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסמושטירן. די א, פֿון זעלנערס.
אויסמושטירט — אַדי. דיסציפּלינירט,
פֿאָלגעוודיק; וואָס טוט אַלץ נאָכן באַפֿעל נאָך.
אַן א'ער פֿאָלק, אַן א, פֿאָלק.
אויסמושטירטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסמושטירט.
אַ דיסציפּלינירטקייט, אַן א,.
אויסמושטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
מושטירט. אויך מיט ז י ך. 1. אויסלערנען
דעם אופֿן גיין פֿון סאָלדאַטן (בכלל גיין
אין רייען, בײַטן זיי). א, אַ ראָטע סאָלדאַטן;
א, די מיטגלידער פֿון ספּאָרט־פֿאַראיין. „ער
האָט געלאָזט שטאַרקע כלאָפּעס פֿון זײַן דאָרף
א„ אַרײַנצוּוואַרפֿן זיי אין מונדירן“, אַש,
תּהילים־ייִד. 2. אויסלערנען פֿאָלגן באַפֿעלן,
אויסדיסציפּלינירן. א, די יוגנט. 3.
אויסדרעסירן; אויסלערנען וואָס צו טאָן לויט אַ סימן
אָדער אַ באַפֿעל. א אַ הינטל צו דערלאַנגען

,

די לאַפּקע. „מע קאָן א', אויסדרעסירן פּשוטע
מענטשן פֿון דער גאַס אַז זיי זאָלן זיך
באַוועגן לאָגיש אויף דער סצענע“, מוק, טעאַטער

און ייִדיש טעאַטער. 4. אויסלערנען פֿאַר
מלחמה. „אויסגעצייכנטע דיוויזיעס פֿוס־
סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אויסגעמושטירט און
באַוואָפֿנט געוואָרן“, ר. אַבראַמאָוויטש פֿאָר, 26 III
,
.1958

אויסמושטירן זיך — ← דפֿוו. זיך אַליין
אויסשטעלן אין רייען. „אַ מחנה וואָראָנעס...
האָבן זיך אויסגעמושטירט אין צוויי פּאַסן ווי
אַ דלד“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע I.

אויסמושטרירן (זיך) — ־ריר (זיך) אויס,
זיך ~(גע)מושטרירט. דזוו אויסמושטירן
(זיך) ←. „דער לערער מוז זיך אַליין
דיסציפּלינירן און, אַזוי צו זאָגן, א, זײַן אייגן
לשון“, ימ, נײַע וועגן, ריגע 1927.

אויסמ▯שלען — [...מוישלען] אוטוו. מוֹשל
אויס, ~געמוֹשלט. 1. זײַן מוֹשל, הערשער,
אַ לענגערע צײַט. „דער מערדער האָט
אויסגעמוֹשלט איבער אונדז במשך פֿון די אַלע
חדשים וואָס ער איז געווען מיט אונדז אין
איין קאַמערע“, רייד (פֿאַרצייכנט אין קאָוונע).
2. אויפֿהערן זײַן דעה־זאָגער, הערשער. „ווען
זײַן טערמין גייט אַוועק, מוז ער א, און ווערן
איינער פֿון אונדז“, רייד.

אויסמזווזהן — [...מעזו'זען] טרוו. מזוזה אויס, ~געמזווזהט. אויפֿהענגען, צוקלאַפּן מזוזות צו אַ צאָל (אַלע) בײַשטידלען. „ער האָט דערזען אַז עס זײַנען קיין מזוזות אויף די טירן ניטאָ, איז ער אַוועק, געבראַכט אפֿשר אַ טוצן מזוזות און האָט אויסגעמזווזהט אַלע טירן“, רייד (פֿאַרצייבנט אין ניו־יאָרק).
אויסמזיקן — [...מאַ'זיקן] טרוו. מזיק אויס, ~געמזיקט. אויסברעכן, אויסשלאָגן. א, די שויבן, כּלים אאַ. א, דעם אָנפֿאַלער.
אויס מהותן — [...מאַכו'טן] פּראַזע. ← אויס, נעגאַציע. מער ניט מחותּן, קרובֿ, נאָענטער,

אויסמיחושן

פֿרײַנד. „טו מיר קיין טובֿות נישט, איך בין מיט דיר אויס מחותּן“.
אויסמהותנען זיך — [...מאַכו'טענען] אוטוו. מחותּן זיך אויס, זיך ~געמחותּנט. 1. אויפֿהערן זײַן נאָענט מיט עמעצן, זיך ניט פֿרײַנדלען מער. „ער איז מיר ניט קיין אמתער פֿרײַנד, האָב איך זיך אויסגעמחותּנט מיט אים“. 2. ווערן נאָענט, היפּך פֿון ב1.
אויסמהיהן זיך — [...מעכאַ'יען] אוטוו. מחיה

זיך אויס, זיך ~געמחיהט. שטאַרק הנאה האָבן (פֿון אַ צאָל זאַכן). „די געסט האָבן זיך ממש אויסגעמחיהט מיט די געריכטן, געלעקט די פֿינגער".

אויסמהייבֿן — [...מעכאַ'יעווה טרוו. מחייבֿ אויס, ~געמחייבֿט. אַרויפֿלייגן חובֿ, פֿליכט(ן). „וואָס בין איך דיר אַ משה מחויבֿ? דו הייסט דאָס טאָן, יענס טאָן. איך וועל זיך ניט לאָזן א, פֿון דיר", רייד.

אויסמטריחן — [...מאַטריי'אַכן] טרוו. מטריח אויס, ~(גע)מטריחט. שטאַרק באַמיִען, פֿאַרשאַפֿן טרחות. „נעמט ניט פֿאַר אומגוט וואָס איך האָב אײַך אויסגעמטריחט".

אויסמיאוסן — [...מי'עסן] טרוו. מיאוס אויס, ~געמיאוסט. מאַכן עס זאָל זײַן מיאוס, עקלדיק. איצט מיאוסט ער אונדז אויס אין אַלעמענס אויגן. מיט ז י ך , אוטוו — פֿילן אַז עס איז מיאוס, עקלדיק; עקלען זיך. זיך א, צו טאָן אַן אומריינע אַרבעט.

אויסמיאַוען (זיך) — מיאַוע (זיך) אויס, (זיך) ~געמיאַועט. דזוו אויסמיאַוקען (זיך) ←.

אויסמיאַוקען — ־קע אויס, ~געמיאַוקעט. אוטוו — פּלוצעם, מיטאַמאָל אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מיאַו־מיאַו. „אַ קאַץ,

אַ שטומע צונג, מ אַוקעט איך אויס,,. טרוו
י

— דורך קלאַנגען, ענלעכע צו מיאַו־מיאַו, עפּעס אויסדריקן. א, הונגער.

אויסמיאַוקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. מיאַוקען און אויפֿהערן. ‟די קעץ אויפֿן דאַך האָבן זיך אויסגעמיאַוקעט און איך האָב געקענט איַינשלאָפֿן‟.

אויסמיאַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געמיאַטשעט. סל. אויסקנעטן, אויסקלעפּן; ווייך מאַכן (קנעטנדיק, צעקוועטשנדיק). ,,מע דאַרף דאָס ברויט אַ ביסל א', איידער דו גיסט עס דעם קינד‟.

אויסמיאַרקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~געמיאַרקעוועט. אויספֿאַרקויפֿן, אויסטיילן לויט אַ מיאַרקע, אַ מעסטל. ל1.

אויסמיגלען — אוטוו. ־גל אויס, ~געמיגלט. אויסשיַינען, אויסגלאַנצן; אַ שימעריר טאָן. ,,דער טיַיערער שטיין מיגלט אויס מיט כּלערליי קאָלירן,,.

אויסמידונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמידן. נאָך אַזאַ א, דאַרף מען זיך פֿאַררוען.

אויסמידן — טרוו. מיד אויס, ~געמידט.

מאַכן מיד, (אַ בּיסל) פֿאַרמאַטערט. "איך רעכן
אַז די אַרבּעט בּמשך פֿון עטלעכע שעה וועט
איַך ניט א'".
אויסמידן זיך — ← דפֿוו. ווערן מיז., אַ
בּיסל פֿאַרמאַטערט.
אויסמיהושן — [...מיַ'כעשן] טרוו. מיחוש
אויס, ~געמיחושט. מאַכן קראַנק, שוואַו

אויסמיטלען

אויף אַ לענגערער ציַיט. „דער האַרצפֿעלער
האָט אים אויסגעמיחושט".
אויסמיטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געמיטלט.
פֿטמ. 1. געפֿינען אַ מיטל, אויסוועג. 2. מאַכן
א פּשרה; געפֿינען אַ מיטלוועג. א אַן
אויס,

▯

גליַיך.
אויסמיטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. מאַכן
פֿאַר זיך אַן אָרט צווישן צוויי. זיך א, צווישן
די פֿאַסאַזשירן. 2. אויסקומען מיטן עסן;
דורכקומען, זיך אַן עצה געבּן. „צווישן צוויי

מיטלט זיך אויס אַ דריטער“, שוו [אויך: אויבֿ ס'איז פֿאַראַן געזונג פֿאַר צוויי, פֿאַר מאַן און ווײַבֿ, וועט זײַן געזונג אויך פֿאַר אַ קינ].

אויסמיטען — אוטוו. ־טע אויס, ~געמיטעט. אוקר. אַ גלאַנץ טאָן, אַ שײַן טאָן. א, מיט די אויגן.

אויסמיטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע אויס, ~געמיטשעט. אוקר. אויסמוקען, אויסרעווען. א, ווי אַן אָקס.

אויסמײַד — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסמײַדן. גליקלעכער א, פֿון אַ סכּנה.

אויסמײַדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמײַדן. אויסווײַכונג.

אויסמיידלען — טרוו. ־דל אויס, ~ געמיידלט. ווירקן, דערציִען מע זאָל (וואָס גיכער) זיך אויפֿפֿירן ווי אַ מיידל. „די עלטערע שוועסטער מיידלט זי אויס, לערנט זי שמירן די ליפּן„, רייד (פֿאַרצייכנט אין ניו־יאָרק).

אויסמיידלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן צײַטיק ווי אַ מיידל; זיך אויפֿפֿירן ווי אַ מיידל. „זע ווי זי איז אויסגעוואָקסן! אין איין יאָר האָט זי זיך אינגאַנצן אויסגעמיידלט“.

אויסמײַדן — טרוו. מײַד אויס; ~געמידן (לד), ~געמיטן (פּד, אוקר), ~געמײַדט. 1. גיין,

פֿאָרן, באַוועגן זיך אין אַ זײַט פֿון עפּעס.
„מיר קומען צום פּלאַץ, וואָס מע מוז דעם
פֿאַרגאָסענעם וועג א', אוממעגלעך זיך
דורכצושנײַדן„, פּה פֿון ווײַטע לענדער. „דאָס

'

בערגל מיטן היפּשן געדיכטן וועלדל האָבן זיי
אויסגעמײַדט„, בערג. „און דער טענצער,
אויסמײַדנדיק די לײַכטער, גייט אַרײַן וואָס
ווײַטער אין אַלץ מער התפּעלות“, שע, פֿונעם
יאַריד.
2 פֿאַרבײַגיין, ניט אָנרירן, דורכלאָזן. דער

.

איבערגאַנג, די שׂריפֿה מײַדט (ניט) אויס.
„דעם ייִדן מײַדט קיין אומגליק ניט אויס“,
שוו. „געוואונדערט זיך וואָס אים האָט מען
אויסגעמיטן און איבערגעלאָזט לעבן“, הל,
'דער וואָלף'. „מיר זײַנען דאָך מיט דעם
אַליין שוין שולדיק וואָס אונדז האָט
אויסגעמיטן אַזאַ סוף“, סעג, איצטער.
3. מאַכן מע זאָל זיך ניט צונויפֿשטויסן
(דער אַנדערער זאָל ניט באַמערקן). „זיי זײַנען
געקראָכן...אַלץ ווײַטער, ווײַטער, ביז גאָט
האָט זיי געהאָלפֿן אויסצומײַדן דעם זעלנער“,
ממוס, מסעות פֿאַרן יצר־הרע טאָר מען ניט

,, I
אַנטלויפֿן, קיין מאָל נישט א',,, אַש,
תּהיליסייִד. א, עמעצן ווי אַ (משוגענעם) הונט, ווי אַ
בייזע חיה, ווי אַ חזיר. *א, מענטשן = זיו
האַלטן אין אַ זײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט, ליב
האָבן צו זײַן אַליין. א, ווי אַ פּעסט, אַן
אָנשיקעניש, ווי די כאָלערע.

4. בכּיוון טאָן עפּעס צו ווײַכן פֿון עמעצן

אָדער עפּעס. א, (זײַן, איר) בליק. ,,נאָר וואָס
מער ער האָט זי אויסגעמידן, האָט אים אַלץ
מער דאָס האַרץ זײַנס צו איר געצויגן,,, ממוס,
ווינטשפּ. ,,איך וואָלט אויסגעמיטן אַפֿילו די
שטערן, אויך זיי ניט געטרויט“, אַר, ,
באַשיצונג'. ,,איך האָב באַגעגנט סטודענטקעס וואָס
האָבן ממש אויסגעמיטן אַ ייִדן; דער קריסט
איז געווען זייער אידעאַל,,, מוק, מײַנע
באַגעגענישן.

5. אויסהיטן זיך פֿון עפּעס; אַרויסדרייען
זיך. א, אַ סכסוך, שטרײַטיקייטן, אַ סכּנה
אאַזוו. ,,בכדי אויסצומײַדן אַ סך סכסוכים וועגן
דעם ענין...מוז מען...זען זי זאָל ניט זײַן

אַזוי פֿאַרגרעבט“, ממוס, קליאַטשע. „....
מענטשנפֿלייש געקײַט און ווערגן זיך מיט
ביינער אויסגעמײַדט„, בראָד, איבערגאַגנ. *א,
אַ פֿ ר אַ ג ע = ניט ווערן ענטפֿערן או□ף
איר. *א, אַ ש מ ו ע ס (געשפּרעך) =
אויך. פֿאַרקערעווען די רייד אין אַן אַנדער
.
ריכטונג. „ער האָט שטענדיק עקשנותדיק
אויסגעמיטן יעדן געשפּרעך וואָס האָט געפֿירט
אויף משיחן“, אַש, תּהילים־ייִד. *א, דאָס
ג ע ז ע ץ = אַרויסדרייען זיך פֿון פּאָליציי,
געריכט. *ס'איז נ י ט אויסצומײַדן = ס'איז
פֿאַרפֿאַלן, עס וועט געשען.
אויסמײַדן זיך — קזוו. ← דפֿוו. זיך ניט
צונויפֿטרעפֿן, זיך ניט צונויפֿשטויסן
קעגנזײַטיק. „א, זיך דאָרט איז נישט געווען קיין
שום מעגלעכקייט, סײַדן אַראָפּשפּרינגען און
צעשלאָגן דעם קאָפּ„, ממוס, מסעות. „די צוויי
פֿורן האָבן זיך אויסגעמײַדט און זענען זיך
צעפֿאָרן יעדע איר וועג“, ספּ, סודות.
אויסמײַדעכץ — דאָס (די), ־ן. אויסמײַדונג
(אויך מיט ביטול). „זיי שפּילן אַ ברוגז און
דאָס א, זייערס איז ממש אַ קאָמעדיע“.
אויסמײַדעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקע אויסמײַדונג פֿריִער אַ קריגעניש און אַ
. ,,
זידלעניש, איצט נאָר אַן א, און אַ שטיל בלאָזן
זיך“.
אויסמיינען — אַקוזוו. מיין אויס, ~געמיינט.
פֿטמ. דזוו מיינען, נאָר עמפֿאַטישער. געבן,
פֿאַרמאָגן פֿאַרשיידענע באַטײַטן, מיינען. ,,מיר
איז ניט קלאָר וואָס זײַנע רייד קענען אַלץ
א‘‘. ,,די סימנים מיינען עפּעס אויס“.
אויסמײַסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געמײַס ־
טערט פֿאַרענדיקן מײַסטערן; דורכפֿירן
אַר.
בעט אויף אַ קינסטלערישן אופֿן, ווי אַ
מײַסטער. א, אַ געשטאַלט; א, אַ ליד. ,,...
אויסגעמײַסטערט אונדז פֿיל חידושדיקע זאַכן“, י.
יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.
אויסמײַסטערווען — טרוו. ־רעווע אויס,
~געמײַסטערוועט. דזוו אויסמײַסטערן ← (קען
אויך האָבן פּעיאָ בײַטעם). ,,אַשן...איז
געלונגען אויסצובענקען, אויסצוחלומען און
אויסצומײַסטערווען די געשטאַלט פֿונעם
תּהילים־ייִד,,, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I .
א אַ טיש מיט קרומע פֿיסלעך.

,
אויסמייקעכץ — דאָס (די), ־ען (־ער). דאָס וואָס מע בּרעכט אויס. „דער פּאָל פֿון דער קרעטשמע איז פֿול מיט א, פֿון די שיכּורים„.
אויסמייקעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס פֿון אויסמייקען. 2. דאָס וואָס מע בּרעכט אויס.

-

אויסמימעאָגראַפֿירן

-

אויסמייקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס, ~ געמייקעט. ← אויסמקיאַן. 1. אויסבּרעכן, אַרויסבּרענגען דורבן מויל שפּײַז וואָס איז שוין געווען אין מאָגן. „זאָלסט ניט עסן קיין בּרויט מיט אַ קמצן — ער פֿאַרגינט דיר ניט. ווען דו עסט זײַן בּרויט וועסטו עס מוזן א'", לט2, 2/37. „גאָט האָט זיך אויף [יונהן] דערבּאַרעמט און דער פֿיש האָט אים אויסגעמייקעט", ממוס, דער פֿיש'. *א, מיט גאַל = אויך: אָנווערן אַלץ, דעם רווח מיטן קרן.
2. אַרויסבּרענגען קללות, זידלערײַען. א,

מיאוסע ווערטער. 3. באַפֿרײַען זיך, דעם
אָרגאַניזם, פֿון עפּעס. „ער האָט נאָך ניט
אויסגעמייקעט פֿון זיך די יאַטקעווער גאַס“,
חג, די ישיבֿה. 4. אויסזאָגן, דערציילן וואָס
מע האָט ניט געוואָלט. זיצן אין טורמע, ביז
מע וועט א, וואָס מע דאַרף.
אויסמייקע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויסברעכן און מיט דעם זיך גרינגער
מאַכן. 2. אומגעלומפּערט אַרויסזאָגן עפּעס,
גראָב. „זיך אויסגעמייקעט אַז ער איז געקומען
זיך ריידן אַ שידוך“. [← אויסמקיא(נע)ן.]
אויסמייקערן — טרוו. ־קער אויס, ~
געמייקערט. 1. דזוו אויסמייקע(נע)ן ←,
אויסמקיאן. 2. אויסקרענקען. „ער וועט עס א,,
ס'וועט אים אויספֿאַלן באָקעם“ (פּיאָסק,
לובלינער קרײַז אאַ פּר). 3. אויפֿהעצן, בונטעווען.
א, די פּויערים זיי זאָלן באַפֿאַלן ייִדן. פּר.
אויסמילבן — טרוו. מילב אויס, ~געמילבט.
באַפֿרײַען פֿון מילבן; זען צי עס זײַנען דאָ
מילבן. „מע טאָר ניט גלײַך ניצן די גרויפּן,
מע דאַרף זיי פֿריִער א',,.
אויסמילבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
מילביק, האָבן אין זיך מילבן. „אַז מע וועט
איצט ניט ניצן דעם הירזש, קען ער זיך נאָך

אויסמילדערן — טרוו. ־דער אויס, ~
געמילדערט. מאַכן מילד(ער), צאַרטער, וויניקער
שרײַאיק (אַ צאָל זאַכן אָדער אין אַ קאָנטיקער
מאָס). א, דעס טאָן פֿון דעם בריוו; א, די
שטריכן פֿון דעם פּאָרטרעט, די פֿאַרבן אע.
א, פֿירונגען, באַציאונגען צווישן מענטשן.
אויסמילדערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
ביסלעכווײַז ווערן מילד(ער). „די ווילדע פֿירונגען
פֿון דעם שבֿט האָבן זיך אויסגעמילדערט“.
אויסמיליען — [י נאָך מ איז האַרט און
קורץ] טרוו. ־ליע אויס, ~געמיליעט. אומאַן,
באַרדיטשעוו, אאַ אוקר. אויסרײַבן, צערײַבן;
צעקוועטשן אויף קליינע שטיקלעך. א,
פֿאַרדאַרט ברויט, אַ שטיין אויף זאַמד. א, עמעצן
= צערײַסן אים אויף שטיקער.
אויסמיליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
אָפּגעשוואַכט, קרענקלעך. „דער זיידע האָט די
לעצטע חדשים זיך אויסגעמיליעט, זיפֿצעט און
קלאָגט זיך“.
אויסמימירן — טרוו, אימפּ. איצ נבֿ; ~(גע)־
מימירט. נעאָל. אויסדריקן ענלעכקייט,
נאָכמאַכן כּדי איבערצוגעבן דעם כאַראַקטער, די
געשטאַלט. „סוף־כּל־סוף לאָזט זיך ניט אַלץ

א, מיט דעם לײַב; עס איז פֿאַראַן...אַ מימיק פֿון הארץ״, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.

-

אויסמימעאָגראַסירן — טרוו. ־פֿיר אויס, ~מימעאָגראַפֿירט פֿאַרענדיקן מולטיפּליצירן

.

אויסמינטערן

(געשריבנס אָדער געדרוקטס מיט אַ שרײַבמאַשין) אויף שטענצלען, באַדעקטע מיט פּאַראַפֿין. א אַלע פֿלוגבלעטלעך, צירקולאַרן אאַזוו.

'

אויסמינטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געמינטערט. אַרויסברענגען פֿון צושטאַנד פֿון פֿאַרחלשטקייט (אָפּהענטיקייט, שלאַפֿקייט). „מע דאַרף מיט חלשות־טראָפּנס אײַך א', איר זאָלט זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט„.

אויסמינירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמינירן. א, פֿון וועג, פֿעלד, אע.

אויסמינירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) מינירט. אויסלייגן אויפֿרײַס־מינעס (צו שטערן דעם שׂונא דורכצוגיין). א, אַ פֿעלד, דורכגאַנג,

פּאָרט אאַזוו.

אויסמינעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געמינעוועט. 1. דזוו אויסמינירן ←. 2. אויסגראָבן מינעראַלן, מעטאַלן פֿון דער ערד. א, זאַלץ, שטיינקוילן אאַ.

אויסמינען זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ; זיך ~געמינט. נעאָל. < מין. דעגענערירן, מער ניט געהערן צום מין. „פֿעטישיזם האָט זיך אויסגעמינט אין זײַן סתּירה“, בּרידער גאָרדין, 1914, [פּרוו צו געפֿינען אַ בּמקום פֿאַר דטשמ: אַנטאַרטן זיך].

אויסמינצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמינצן. אַ קונציקע, קינסטלערישע אאַ א'.

אויסמינצן — טרוו. מינץ אויס, ~געמינצט. 1. אויסקלאַפּן, אויסשטאַמפּן (מטבּעות, אַנדערע קליינע מעטאַלענע חפֿצים). א, גאָלד, זילבּער; א, מטבּעות, מעדאַליאָנען אאַ. 2. אויסבּײַטן אויף קליינגעלט. א, אַ פֿינפֿערל אויף גילדנס. 3. אויספֿורעמען גראַטענעס אויסדרוק, ווערטל (וואָס ווערט פּאָפּולער). א, אַ קלינגעדיקע פֿראַזע.

אויסמינצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אויסבּײַטלען, אויסגעבן דאָס גאַנצע (קליינ)געלט.

זיך אײַנגאַנצן א, און ניט האָבן מיט וואָס צו
פֿאָרן אַהיים.
אויסמינצעווען —, טרוו. ־צעווע אויס, ~
געמינצעווע — דזוו אויסמינצן בּ2, אויך בּ1 ←.
ן.
אויסמיסטיסיצירן — טרוו. ־ציר אויס,
~מיסטיפֿיצירט. 1 פֿאַרשטעלן פֿאַרוויקלען
, .
אין סודות. א, רייד מיט רמזים און
אָנצוהערענישן. 2. פֿאַרבלענדן, פֿאַרפֿירן. א,
דעם עולם מיט קונצן, מיט וואונדער־מעשׂיות
אאַ.
אויסמיסטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסמיסטיקן. מיטל צו באַמיסטיקן,
פֿערטיליזירן. "מע ניצט פֿאָספֿאַטן פֿאַר א, פֿון
פֿעלדער,,.
אויסמיסטיקן — טרוו. ־טיק אויס, ~
געמיסטיקט. 1. אַרײַנגעבן אין באָדן מיסט (אָדער
אַן אַנדער מיטל צו הייבן די פּרוכטיקייט פֿון
באָדן); גרינטלעך באַמיסטיקן. כעמישע
מיטלען צום א, דעם אָרעמען באָדן. 2. באַוואַרפֿן
מיט מיסט, שמוץ; מאַכן מיסטיק. א, דעם הויף
וואו די קינדער שפּילן זיך. אויך: ~מיסטן.
"ווער אַ פֿעלד טוט א אָדער די שטיינער פֿון

אַ פֿעלד אָדער גאָרטן אויסקלויבן [אום שבת] איז חייבֿ משום חורש,,, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

282

אויסמיעליען — טרוו. ־ליע אויס, ~ געמיעליעט. פֿר. דזוו אויסמיליען ←.

אויסמ□ען — טרוו. מי, מיִען אויס; ~געמיט. שטאַרק בּאַמיִען; אויסמאַטערן. ,,איך האָף אַז איך וועל אײַך ניט א, מיט נאָך אַ בּקשה“, פּבּ.

אויסמ□ען זיך — ← דפֿוו. זיך אָנשטרענגען צו דערגרייכן עפּעס. זיך א, מיט שתּדלנותן.

אויסמיעשטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געמיעשטשעט. מאַכן אָרט, פּלאַץ, פֿאַר אַ צאָל (זאַכן, מענטשן). א, דעם גאַנצן עולם אין דעם קליינעם זאַל.

אויסמיעשטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. געפֿינען פֿאַר זיך אַן אָרט, זיך אײַנאָרדענען. זיך אַוועקזעצן, זיך אַוועקלייגן וואו ס'איז ענג.

אויסמירבּן (זיך) — מירבּ (זיך) אויס, (זיך) ~געמירבּט. לד. דזוו אויסמערבּן (זיך) ←.

אויסמירען — טרוו. ־רע אויס, ~געמירעט.

סל. מאַכן שלום. ← אויסמערען.
אויסמירקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געמירקעוועט. אומאַן, באַרדיטשעוו אאַ אוקר.
1. דזוו אויסמערקעווען ←. 2.
אויסמאַרקירן, איר. „ווייס איך וואָס! וואָס ער האָט
שוין מישטיינס געזאָגט אויסגעמירקעוועט!“.
אויסמירקעווען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
1. איינאָרדענען זיך, מאַכן זיך באַקוועם.
2. זיך פֿאָרשטעלן, זיך משער זײַן. „וועגן
מײַן פֿאַך האָב איך זיך גאָר אַנדערש
אויסגעמירקעוועט, ווען איך בין נאָך געווען אַ
לערן־ייִנגל“.
אויסמיש — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסמישן.
עפּעס וואָס האָט אין זיך (איז צונויפֿגעשטעלט
פֿון) פֿאַרשיידענע מינים. „אינעם רובֿ
יאַפּאַנישע דרוקן...טרעפֿט מען אַן א, פֿון יאַפּאַנישע
טראַפֿן־צייכנס מיט כינעזישע ווערטער־צייכנס„,
מוו, שוואַרצע פּינטעלעך.
אויסמישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסמישן (זיך). אויסמיש. „די
דאָזיקע א, מיט גאָט קאָן נאָר דערגרייכט ווערן
דורך תּפֿילה„, אַש, תּהילים־ייִד.
אויסמישן — טרוו. מיש אויס, ~געמישט.
1. מישן, דרייען (מיט אַ מכשיר), צונויפֿשיטן,

צונויפֿגיסן, ביז פֿון אַ פֿאַרשיידנדיקייט ווערט (אין אַ געוויסן פּרט) אַן איינמיניקייט. א, דאָס געקעכטס, עס זאָל ווערן גלײַך געדיכט. א, פֿאַרשיידענע מינים מעל. א, עטלעכע פֿאַרבן ביז מע באַקומט וואָס מע וויל. „און האָט גענומען שטויב פֿון צדיקים און דעם שטויב פֿון משוגעים און האָט זיי אויסגעמישט און האָט זיי פֿאַרשפּרייט אויף דעם וועג“, נחב, 'מעשׂה מחכם'. „ווײַסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע — מיש די פֿאַרבן אויס צוזאַמען: אַלע מענטשן זײַנען ברידער פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען„, פּרץ. 2. פֿאַרבײַטן אָרט, סדר; איבערשטעלן, איבערלייגן. א, די קאָרטן. 3. צונויפֿפּלאָנטערן, צונויפֿוואַרפֿן. פֿונאַנדערוואַרפֿן. “...האָט געקענט אויך שפּראַכן אָן אַ צאָל, אויסגעמישט זיי אַלע מיטאַמאָל„, ממוס יודל. “עס האָט געטראָגן גרויסע זײַלן שניי פֿון דער ערד אַרויף, אויסמישנדיק עס אין דער לופֿט מיט אַ פֿריש פֿאַרפֿרוירן שנייעלע...“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. *א, די קאָלירן (די מאַסטן) אין די קאָרטן = אויך סתּם צונויפֿפּלאָנטערן ענינים.

אויסמישעניש

4. פּרוּוון צו שאַפֿן אַן איינס פֿון
אומשײַכותדיקע מינים, ענינים. „זי מאָלט, מישט
אויס פֿרײַנדלעכע רייד מיט טענות אין איין
אָטעם פֿרייט זיך און בייזערט זיך
אינאיי,
נעם“, ממוס, ,דער חילוף'. „ניט אויסצומישן...
די שׂמחה פֿון דעם נפֿש מיט דעם אומעט פֿון
דעם גוף“, תּניא, 80. *א, בוידעם (מיט)
פּאָליצע, קאַשע מיט באָרשט (באָטוויניע, מאָן,
זויערמילך). „ער האָט דאָך אויסגעמישט קאַשע
מיט באָרשט, גמרא און ספֿרים און אַלע ביכער“,
שע. „ער וויל אַרויסווײַזן זײַנע לומדות און
מישט אויס בוידעם־פּאָליצע, איבערקײַענדיק
צען מאָל איין וואָרט“, ממוס, 'די אַלטע
מעשׂה'. *א, וואַסער מיט קאַשע = אויך:
קאַליע מאַכן, איבערפֿירן.   *א, מיט (דער)
בלאָטע (גלײַך, צוגלײַך) = אויסזידלען,
באַליידיקן. „איר וועט שלום ווערן מיט דעם
עזות־פּנים וואָס האָט אײַך אויסגעמישט מיט
דער בלאָטע“, ממוס, טאַקסע.
אויסמישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן
אַ טייל פֿון אַ גרופּע; ווערן איין גרופּע פֿון
צוויי (אָדער מער). „ווי וואָלט איך אין

וואַנדערער־עדה זיך גערן מיט איַיך אויסגעמישט“,
אר, 'איך בּין זיי מקנא'. „מלאָכים, שׂרפים
מישן זיך אויס מיט מענטשן און גיבּן...איינער
דעם אַנדערן געטלעכע געפילן“, ממוס,
ווינ ןשפֿ.

2. צונויפֿגיסן זיך. „זײַן קול איז אַרויס
דורכן פֿענצטער און אויסגעמישט זיך מיטן
ריח פֿון די יונגע גרעזער“, אַש, שטעטל.
„אויסגעמישט האָט זיך מײַן בּלוט מיט הימל
— בּלוי און רויט. מײַן פֿאַרבּ איז וויאָלעט“,
זא, 'וויאָלעט,. „אַלץ וויל אַוועק פֿון זיך...
פֿון זיך צו אַלעמען — און פֿרײַ זיך א', און
טיף זיך א, מיט וועלט, מיט איבּערוועלט„,
צײַט, מטטרון.

3. ווערן גלײַך צו אַנדערע; זיך
אַסימילירן. „,...דאָס זאָגן די אומות: 'יקיראָ, — ווי
ווערדיק, 'ויאה, — און שיין, 'את, — וועסטו
זײַן, ,אין, — אויבּ, ,תערבּי, — דו ווערסט זיך
א', 'למרוותא, — צו די הערשאַפֿט פֿון די
אומות, דו זאָלסט זיך מיט אונדז מתחתן
זײַן„, ספֿר אַקדמות מיט עבּרי־טײַטש... [
לעמבּערג? אָנהייבּ 19. יה]. „'אם לא תדעי לך, —
אויבּ דו ווייסט ניט ווי צו ראַטעווען זיך פֿון
בּאַצווינגער, אַז דײַנע קינדער זאָלן ניט א. זיך,

פֿאַרלירן זיך צווישן זיי“, ממוס , אַ גרויע

,

-

האָר,.

אויסמישעוודיק — אדי. וואָס מע קען, וואָס לאָזט זיך אויסמישן. א'ע מינים סחורה, עלעמענטן אאַזוו.

אויסמישעוודיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון (קענען) זײַן אויסגעמישט. א, פֿון געוויסע מינעראַלן.

אויסמישעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויסמישונג (אָפּט איר). „אַ טענדענץ פֿון שטענדיקער א'“, יג, תּוך.

אויסמישעניש — דאָס (די), ־ן. אויסמישונג. צונויפֿמיש, קנויל, געזעמל פֿון פֿאַרשיידענע מינים (זאַכן, מענטשן, געדאַנקען אאַזוו). „עס הייבן זיך אויף ווי אַ שטורעמווינט לצים, קליפּות...עס איז אַן א', אַ יאָגעניש, אַהין, אַהין“, ממוס, קליאַטשע.

אויסמישער

אויסמישער — 1. דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך (פּראָפֿעסיאָנעל) מיט אויסמישן (געטראַנקען, מינים תּבֿואה אאַ).
2. דער, ־ס. אַפּאַראַט אויסצומישן, ספּעצ פֿאַר קאַלך. „אין אַ קאַלכגרובֿ מיט מעכאַנישע א'ס קאָן דאָס קאַלכן [לעדער] געדויערן אַ סך וויניקער„„ וואולאַך, האַנטבֿיכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט I.
אויסמישערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט פֿון אויסמישער, אויסמישן. אויסמישעניש. אָרט וואו מע מישט אויס צעמענט.
אויסמכינען זיך — [...מײַ'כענען] אוטוו. מכין זיך אויס, זיך ~געמכינט. 1. אינגאַנצן זיך צוגרייטן. 2. ברענגען אין אָרדענונג די בגדים נאָך נאַטירלעכע באַדערפֿענישן. פּר (סטאַשעוו, אאַ). 3. דורכפֿירן נאַטירלעכע באַדערפֿענישן — פּר.
אויסמלאכהווען זיך — [...מעלאָ'כעווען] אוטוו. מלאכהווע זיך אויס, זיך ~ געמלאכהוועט. 1. דזוו אויסמלאכהנען זיך. 2. אויפֿהערן זײַן אַ בעל־מלאָכה, אַן אַרבעטער. זיך א, אויף דער עלטער.
אויסמלאכה(נע)ן — [...מעלאָ'כע(נע)ן] טרוו.

מלאָכה אויס, ~געמלאכהט. 1. פֿאַרענדיקן טאָן אַן אַרבעט [ס'רובֿ מיטן בײַטעם ניט געראָטן]. א אַ בענקל אַ צאַצקע, א אַ בענקל

, ,

מיט קרומע פֿיסלעך. 2. (מיט ביטול, איר) אויסאַרבעטן, אויסמײַסטרעווען. „ווען איך האָב געזען ווי ער מלאכהט אויס דאָס שטיקל אַרבעט, האָב איך עס געמוזט צונעמען פֿון אים און אַליין פֿאַרענדיקן", רייד.

אויסמלאכה(נע)ן זיך — → דפֿוו. 1. פֿאַרענדיקן אַרבעט זייער פּאַמעלעך; אויסקראַצן זיך, אויסקוועטשן זיך. „איך וואַרט שוין אַ פּאָר שעה און ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעמלאכהט„. 2. דזוו אויסדאָסן זיך →. ניט לייגן קיין אַכט, פּײַפֿן אויף עפּעס. וואול.

„פּונקט אין דעם מאָמענט האָט [ע] געזאָגט... מע קען זיך אויף דער שבֿועה א'", ש. ברעגמאַן, אויפֿן מזרח איז אומרואיק.

אדיס יטשע ן, ~ יצע נן, ~מלייצען, ~מ , ~מ — טרוו. ־טשע לויטש לויצ

(־צע) אויס; ~געמלויטשעט אאַזוו.

אויסדרעשן, אויסקלאַפּן קערנער פֿון זאַנגען. א,

די תּבֿואה, דעם קאָרן אאַזוו.
אויסמל(ע)ן — [...מאַל(ע)ן] טרוו. מל(ע) אויס, ~געמל(ע)ט. [אָן ע לד]. אויסייִדישן; דורכפֿירן די פּראָצעדור פֿון בּרית־מילה איבּער אַ צאָל. „צענדליקער ניט־געמלטע קינדער פֿון די נײַע עולים ווערן אויסגעמלט אין אַ 'מאָסן־
אָפּעאד ציקחן, ~מלקע(נ — [...מאַ'
לקע)ן
ר „.
מ
(נע)ן] טרוו. מלקה (מלקע) אויס, ~געמלקהט, ~געמלקעט. געבּן מלקות; אויסקלאַפּן, אויסשמײַסן. „וועל איך זיי אויסצימבּלען, וועל איך זיי אויסקאַטעווען, וועל איך זיי א'„.
אויסממז(י)רן — [...מאַ'מזערן] טרוו. ממז(י)ר אויס, ~געממז(י)רט. 1. אַרויסקריגן עפּעס אויף אַ כיטרען אופֿן. א, נאָך געלט. 2. דערגרייכן עפּעס מיט אַ שפּיצל, חכמהלע, המצאה. א, מע זאָל אים מוחל זײַן.
אויסממיתן — [...מײַ'מעסן] טרוו. ממית אויס, ~געממיתט. 1. שטאַרק אָנהרגענען,

שלאָגן. א אַ שוואַכן. 2. אויסהרגענען. א,

,

הונדערטער שׂונאים.

אויסמנקרן — [...מענאַ'קערן] טרוו. מנקר אויס, ~געמנקרט. (קצבֿיש). דזוו אויסטרייבערן בּ 1 ←. א, דאָס גאַנצע פֿלייש.

אויסמנשקן — [...מענאַ'שעקן] טרוו. מנשק אויס, ~געמנשקט. ← אויסקושן. וואול. „זיי מעגן מיר אַלע א, וואו זיי ווילן, איך האָבּ פֿאַר זיי קיין מורא ניט!“.

אויסמסחרן — [...מי'סכערן] טרוו. מסחר אויס, ~געמסחרט. אויך: ~מיסהרן. 1. דורכפֿירן געשעפֿט, קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן (נאָכן דינגען זיך). א, אַ וואַלד, אַ וואַגאָן תּבֿואה. 2. איר פֿאַרענדיקן אומגעראָטענעם געשעפֿט.

,

„מישטיינס געזאָגט וואָס ער האָט אויסגעמסחרט — אָ זעקל ציבּעלעס!„. 3. אויסדינגען, אויסקאָנקורירן בּײַ אַ געשעפֿט. „עס האָט זיך אונטערגערוקט אַן אַנדער סוחר און האָט מיר אונטער דער נאָז אויסגעמסחרט דעם פֿלאַקס“.

אויסמסהרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויפֿהערן אָדער מער ניט קענען פֿירן געשעפֿטן.
,,ער האָט אָנגעזעצט און זיך נעבעך
אויסגעמסחרט‘‘.
אויסמסלקן — [...מעסאַ'לעקן] טרוו. מסלק
אויס, ~געמסקלט. (סוחריש) דזוו אויססילוקן
←. אויסצאָלן חובֿות (ספּעצ בײַם אָפּמאַכן
מיט אַ צאָל קרעדיטאָרן). ,,אַז ער וועט אַפֿילו
א, ניט מער ווי דרײַסיק קאָפּיקעס פֿאַר אַ
רובל, וועט ער אויך אַרויס נקי‘‘.
אויסמסרן — [...מאַ'סערן] טרוו. מסר אויס,
 געמסרט. אויסדערציילן (עמעצן וואָס האָט
דעה, מאַכט) און דערבײַ אָנקלאָגן עמעצן (
געוויינטלעך — פֿון דער אייגענער גרופּע). א,
פֿאַרן רבין די ייִנגלעך פֿון חדר. א, (אין פֿאַר)
—
דער פּאָליציי די גאַנצע באַנדע גנבֿים.
אויסמעבלירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסמעבלירן. מעבל. די א, קאָסט אַ סך געלט.
דעמבענע א'!.
אויסמעבלירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
מעבלירט. אײַנשאַפֿן און אויספֿילן מיט מעבל
(צימער, דירה, הויז). אויסשטעלן מעבל אין
(געוויסער) אָרדענונג, לויט באַשטימטן
שטייגער, סטיל. א, מאָדערן, קאָלאָניאַל אאַ. ,,...דעם

נײַעם האָטעל איבערמאָדעלירט און
אויסמעבלירט נישט צו דערקענען“, אַש, גראָסמאַן און
זו1.

אויסמעבלען — טרוו. ־בל, מעבלען אויס,
~געמעבלט. דזוו אויסמעבלירן. פּטמ — אין
אַלע דד פֿון מזרח־ייִדיש. „געקומען,
אויסגעמעבלט אַ שיינע דירה אין יעהופּעץ“, שע,
‚יקנהז'.

אויסמעגן — טרוו. מעג אויס, ~געמעגט.
פּטמ. מעגן טאָן וואָס איז פֿאַרווערט; זיך
נעמען אַ היתּר עובֿר צו זײַן אויף לאוון. „נו,
די הײַנטוועלטישע — זיי מעגן אויס אַלץ,
עסן וואָס זיי ווילן, טראָגן וואָס זיי ווילן“, רייד.

אויסמעדאַליעווען, ~מעדאַלירן — טרוו.
־ליעווע, ־ליר אויס; ~געמעדאַליעוועט, ~
געמעדאַלירט. אויספּוצן, אויסצייכענען מיט
מעדאַלן. א אַלע אָפּיצירן פֿון לײַבוואַך. (ערשטע
'
פֿאָרעם מיט איר בײַטעם).

אויסמעלדן

אויסמעדליעווען — טרוו. ־ליעווע אויס,
~געמעדליעוועט. סל. כּסדר אָפּלייגן,

אָפּוואַרטן, עפּעס אויפֿטאָן מיטן אָפּלייגן. „האָסט שוין אַ פּאָר מאָל אָפּגעלייגט דאָס אַוועקפֿאָרן. וואָס ווערסטו דאָ א'?".

אויסמעזשען טרוו. ־זשע אויס, ~ געמעזשעט. סל. מאַכן מעזשע(ס), סימנים, אָפּצאַמונגען (צווישן איין פֿעלד און אַ צווייט, איין באַזיץ און אַ צווייטן אע). א, פֿעלד(ער), גאָרטן, אַ נחלה אע.

אויסמעטאַלירן — טרוו. ־יר אויס, ~ מעטאַלירט. נעאָל. אַרויסקריגן מעטאַל (פֿון אַרץ, כעמישער פֿאַרבינדונג). א, מיט עלעקטראָליז.

אויסמעטען — טרוו. ־טע אויס, ~געמעטעט. אויסמאַרקידן, אויסבאַצייכענען. א, דעם וועג; די שפּילפֿעלדער. א, די פּרײַזן אויף סחורה אאַ.

אויסמעטשן — טרוו. מעטש אויס, ~ געמעטשט. אַמ. ן][to matc <. אויספּאָרן, צונויפֿפּאָרן; פּאַסן, צונויפֿפּאַסן. א, די זאָקן זיי זאָלן זײַן פֿון איין פּאָר, פֿון איין קאָליר.

מיט ז י ך —. קזוו. „זיי מעטשן זיך ניט אויס און דערפֿאַר גטן זיי זיך".

אויסמעטשען (זיך) — ־טשע (זיך) אויס, (זיך) ~געמעטשעט. פּר. דזוו אויסמוקען (זיך). „די קו האָט אָנגעשטויסן מיט די

הערנער אין טויער פֿון פּאָדוּוער,
אויסמעטשעטשענדיק אַז מע זאָל זי אַרײַנלאָזן", ווײַס, 'אַ
פּאָמעניק'.
אויסמעכאַניזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~
מעכאַניזירט. איבערשטעלן אַרבעט, פּראָדוקציע
אויף מעכאַנישן אופֿן, מיט דער הילף פֿון
(מער) מאַשינען. א אַ פֿאַבריק, אַ צווײַג פֿון
,
אינדוסטריע, אַ לאַנד.
אויסמעכטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געמעכטיקט פֿטמ. באַפֿולמעכטיקן; איבערגעבן רעכט
.
צו פֿאַרטרעטן, טאָן. א, עמעצן מיט די נייטיקע
פּאַפּירן. א, איינעם צו ריידן אין אונדזער נאָמען.
אויסמעכטיקן זיך — ← דפֿוו. זיך אַליין
נעמען רעכט, מאַכט. ווערן שטאַרקער פֿון
אַנדערע. פֿאַרכאַפּן מאַכט. „די ברידער האָבן

ניט געוואָלט אַז יוסף זאָל זיך א, איבער זיי".
אויסמעל — דער, ־ן. פֿטמ. דזוו אויסמאָל ←.
אויסמעלאָדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~
מעלאָדירט. קוים אויסשפּילן (אויסזינגען)
מעלאָדיע. א, אויף דער גיטאַר אַ פֿאָלקסלידל, אַ
אד עלאָ'צעז, ~מעלוי'צעז

— טרון.

ט.

⌷

־צע אויס; ~געמאָלאָצעט, ~געמעלויצעט.
דזוו אויסמלויטשען ←.
אויסמעלדונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסמעלדן (זיך). אַן א, צו דער צײַט, נאָך דער
צײַט.
אויסמעלדן — טרוו. מעלד אויס, ~געמאָלדן.
1. לאָזן וויסן (אומעטום, אין אַ צאָל ערטער
אָדער וועגן אַ צאָל ענינים). א, (צווישן) אַלע
באַקאָנטע אַז מע פֿאָרט אַוועק. „וואו איך קום,
זאָגסטו אַז איך בין אַ נאַר — ניט אמת, דו
מעלדסט עס אַליין אויס“. 2. פֿאַרשרײַבן,
פֿאַררעגיסטרירן אַז עמעצער גייט, פֿאָרט
אַוועק. א, פֿון דער אַרבעט. א אַ
קוואַרטי,
ראַנט וואָס ציט זיך אַרויס פֿון דער דירה
[פֿאַרשיידענע פּאָליצייאישע רעזשימען צווינגען

אויסמעלדן זיך

אָפֿיציעל צו לאָזן וויסן וועגן יעדער בײַט פֿון
וואוינאַרט]. 3. אָנרופֿו מיטן נאָמען. א, די

געסט וואָס קומען אָן.
אויסמעלדן זיך — רעפֿל. ← דפֿוו.
1. ← אויסמעלדן בּ2. 2. זיך אַליין פֿאָרשטעלן, זיו לויבּן. „בּײַם קריגן אַ שטעל קומט אויס זיך אויסצומעלדן“.
אויסמעלדעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געמעלדעוועט. אויך מיט ז י ך. דזוו אויסמעלדן, ספּעצ בּ2 — בּנוגע פּאָליציי.
אויסמעלדער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך (פּראָפֿעסיאָנעל) מיט אויסמעלדן. „אַן א, גייט אויף שטאָלצן איבּער די גאַסן און שרײַט אויס וואָס מע וועט ווײַזן אין צירק“.
אויסמעליאָרירן — טרון. ־ריר אויס, ~ מעליאָרירט. אויסבּעסערן; אויסמיסטיקן בּאָדן, פֿערטיליזירן, א, די פֿעלדער, סעדער.
אויסמעליען — טרוו. ־ליע אויס, ~ געמעליעט. פּר. דזוו אויסמיליען ←.
אויסמעליקן — טרוו. ־יק אויס, ~געמעליקט. אָפֿט מיט ז י ך. מאַכן מעליק. זיך א, די בּאָרד.
אויסמעלן — טרוו. מעל אויס, ~געמעלט. פֿטמ. אָפֿט מיט ז י ך. דזוו אויסמאָלן (זיך) I ◻ II.

אויסמעלק — דער, ־ן. סכום, קוואַנטום מילך
פֿון איין מאָל אויסמעלקן. „אַז מע פּיטערט
בעסער די בהמות שטײַגט דער א'“.
אויסמעלקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסמעלקן. מעכאַנישע א'.
אויסמעלקן — טרוו. מעלק אויס, ~געמאָלקן,
~געמעלקט. 1. אַרויסקוועטשן, אַרויסציִען
(די גאַנצע) מילך פֿון אײַטער (פֿון אַ קו, ציג).
“די שטאָט־טשערעדע איז געשלאָפֿן, נאָכדעם
אַז מע האָט זי פֿריִער גוט אויסגעמאָלקן“,
ממוס, קליאַטשע. „אויסגעמאָלקן ביז אַ טראָפּן
האָט מען שוין די ציגן, און דאָס אַלטע קלוגע
לידל הערט זיך בײַ די וויגן“, פֿרוג, 'מיטן
אַלטן ניגון,. „א, דעם באָק און גיין צום
וואָכערניק נאָך אַ גמילות־חסד,„ פֿוול [וועגן
טואונגען וואָס קענען קיין נוצן ניט ברענגען].
מיט ז י ך = אַרויסדריקן מילך פֿון
אייגענער ברוסט. „אבר זי טאָר זיך וואול אויש
מעלקן אויף די ערד, דער וואַרטן דז דאָש
קינד דיא ברושט ביפֿאסן קאַן„, לט1, 1/79.
*שטיי(ט) כאָטש (נעם און) מעלק מיך (אים)
אויס = שטיין אומבאַהאָלפֿן, אין
פֿאַרלעגנהייט. „און איך שטיי ווי אַ תּם, כאָטש נעם
מעלק מיך אויס, שטיי און מאַך מיט די

אַקסלען‟, ממוס, אַ גרויע האָר'.

,

2. אַרויסציִען יעדער מין פּליסיקייט. *א, דאָס פֿלעשל ביזן דנאָ = אויסטרינקען דעם גאַנצן בראָנפֿן פֿון פֿלעשל. „דער ווינט האָט אויסגעמאָלקן דעם לעצטן בלויען וואָלקן און איז געגאַנגען שלאָפֿן‟, הר, מײַן ליכטיקע נסיעה. 3. אַרויסקריגן, אַרויספּומפּן נײַס, אינפֿאָרמאַציע. „שכנות האָבן אויסגעמעלקט פֿון דער דינסט ווי אַזוי אירע בעלי־בתּים קריגן זיך„..

4. אַרויסקריגן געלט. עקספּלואַטירן. „אַ שאַנטאַזשיסט מעלקט אויס ביז דער לעצטער פּרוטה‟. „די בהמות, מײַנע יוניאָן־ברידער,

איך האָב זיי אַזוי טאַקע אויסגעמאָלקן, ווי

די זומערזון מעלקט אויס דעם וואָלקן‟ מלה,

,דער אַלטער פּירער וויינט'. 5. (

שטריקמאַכערײַ) אַרויסלאָזן דעם טראָדל (געדריי) פֿון

אַ שנור וואָס איז צו שטאַרק אײַנגעדרייט. א,

אַ טראָדל, שנור.

אויסמעלקן זיך — ← דפֿוו. 1. ניט האָבן

(קענען געבֿן) מער מילך. „ניטאָ מער קיין בולבעס אין טאָפּ, ניטאָ. אַ בהמה, להבֿדיל, מעלקט זיך אויך אויס“. 2. ניט האָבֿן (קענען געבֿן) נאָך אינפֿאָרמאַציע, געלט, הילף אע. „איך האָבֿ זיך שוין אויסגעמעלקט. איצט איז דײַן ריי אויסצוזאָגן פֿון חדר„, רייד.
אויסמעלקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). דאָס אויסמעלקן בֿ3 ←. „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן א'? שעמט איר זיך ניט אויסצופֿרעגן אַ קינד וועגן זײַן מאַמען?“, רייד.
אויסמעלקעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע אויסמעלקונג. אַ יאָרו־לאַנגע א, פֿון אונדזער שווייס און מי.
אויסמעלקער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס מעלקט אויס. 2. אַפּאַראַט אויסצומעלקן בהמות. אַן עלעקטרישער א..
אויסמעמלען — טרוו. ־מל אויס, ~געמעמלט. דזוו אויסמומלען ←.
אויסמענטען — טרוו. ־טע אויס, ~ געמענטעט. אַרײַנגעבֿן אַ ביסל מענטע אין אַ שפּײַז.
אוי'ס מע'נטש — פֿראַזע. צזוו מיט זײַן & ווערן. ← אויס, נעגאַציע. 1. (זײַן, ווערן) שוואַך, אָן כּוחות, האַלטן בײַם חלשן. „זי איז אויס מענטש, טויט ווי די וואַנט“, שע, מאָטל.

2. פֿאַרזאָרגט, צעטראָגן, פֿאַרצרהט. „ער איז געוועזן שטאַרק באַטריבט, א, מ'„, ממוס, ווינטשפֿ. „דער נגיד איז א, מ, פֿאַר האַרצווייטיק און פֿאַר גריזאָטע“, שע. 3. אָן האָפֿענונגען, אָן אַ פּאָזיציע (אין לעבן, געזעלשאַפֿט), אָן ווערדע. “און עס וואָלט בטל געוואָרן זײַן פֿירונג, כּלומר ער וואָלט געווען א, מ'“, חה, 172/ב. „ער איז געוואָרן אויס טרעגער און בכלל א, מ'“, דטש, ווילנע.

אויסמענטשיק — אַדי. נעאָל (נר). וואָס איז אויס מענטש. „ער איז ממש אַן א'ער געוואָרן... אָבער ממש אויס מענטש“, אַנוכי, ר, אַבאָ.

אויסמענטשלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמענטשלען (זיך). „אַבֿרהם רייזען איז געקומען צו באַווײַזן אַז די גאַנצע א, קען מען און דאַרף מען געפֿינען אין יידיש„, יג, תּוד.

אויסמענטשלען — טרוו. ־טשל אויס, ~ געמענטשלט. מאַכן פֿאַר אַ לײַט; אויסשולן, אויסלערנען ווי זיך צו פֿירן. אַראָפּקראַצן פֿון אים דעם ישובֿניק און אים אַ ביסל א'.

אויסמענטשלען זיך — ← דפֿוו. 1.
אַרבעטן אויף זיך און דערגרייכן צו ווערן גלײַך (מיט אַנדערע פֿון דער סבֿיבֿה) אין אויפֿפֿיר,

אַנטוויקלונג, באַנעמען זיך. „...אַוועקפֿאָרן נאָר כּדי ער זאָל זיך דאָרטן א'“, זאַקס, חרובֿע וועלטן. „ציַיט עס גליקט אים אין האַנדל... האָט ער זיך אויסגעמענטשלט און וויל ווערן אַ לײַט מיט לײַטן גלײַך“, אַש, תּהילים־ייִד.
2. ווערן מער מענטש, פֿײַנער, איידעלער. „בעש„ט: מענטשעלע, מענטשעלע, ניט וויין... נעבעך אַ בהמהלע! וואָס זאָל מען טון? 'סט

אויסמעסטן

עלטער ווערן אַ ביסל — ווע‍סטו מיטן טאַטנס הילף זיך א„“, צײַט, יעקבֿ פֿראַנק.
אויסמענטשלערײַ — די & דאָס. מצ נב.
(געדויערדיקע) אויסמענטשלונג (מיט ביטול).
„...געשטויסן געוואָרן צו דורכויסיקער אַמעריקאַניזאַציע און אַמעריקאַנישער א'“, טמז, 24 II 1961 ▯.
אויסמענטשן (זיך) — טרוו. מענטש (זיך) אויס, (זיך) ~געמענטשט. אינגאַנצן אויסמענטשלען. ווירקן עמעצער זאָל ווערן געבילדעט, זיך גוט אויפֿפֿירן. „אָ שטרענגע דערציאונג העלפֿט טאַקע א, די קינדער“. „ער מענטשלט זיך שוין, אָבער עס וועט נאָך לאַנג

געדויערן ביז ▯ ער וועט זיך א, מיט מענטשן
גלײַך,,, רייד.
אויסמענטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געמענטשעט. פֿד. אָפּט מיט ז י ך.
אויספּײַניקן, אויסמוטשען.
אויסמעסט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסמעסטן. פּינקטלעכער א'. אינטערנאַציאָנאַלער
א, אין גראַמען און סאַנטימעטערס. 2. מאָס.
גיב דעם א, אין דער לענג און אין דער
ברייט.
אויסמעסטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסמעסטן. ,,דאָס פֿעלד איז
בערגלדיק און די א, איז אַ שווערע“.
אויסמעסטלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען, וואָס לאָזט זיך אויסמעסטן. ,,נאָר אין
א'ע גרייסן“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט, 128.
אויסמעסטן — טרוו. מעסט אויס, ~געמאָסטן.
1 פֿאַרענדיקן מעסטן (שטח, וואָג, סכום
שי.
טיקע זאַכן אאַ). א, מיט אַן אַרשין, קוואָרט
אאַזוו. א, אַ רעשטל סחורה פּונקט פֿאַר אַן
אָנצוג. א, דעם גאַנג פֿון שטערן. ,,די טיפּסטע
טיפֿענישן מיט די קנעכל פֿון זײַנע פֿיס מעסט
ער אויס“, אשט, מײַסעלעך. 2. אָפּשאַצן די

מאָס. א, מיט די אויגן. „איך דאַרף ניט קיין בעזמען, איך גיב אַ הייב דאָס זעקל און — מעסט אויס מיטן הייב„, רייד. „מעסט אויס די ווײַטקייט צווישן אים און צווישן דעם פּיען“, ממוס, קליאַטשע. 3. אָפּשאַצן, באַרעכענען; באַנעמען. „ס'איז נאָו ניט געווען דער און עס וועט ניט זײַן דער וועלכער קען א, דאָס וואָס אַ ייִדיש האַרץ באַזיצט“, לדב.

4. אויסשפּאַנען, דורכגיין, גיין הין און צוריק; דורכפֿאָרן. א, די גאַס(ן), די שטאָט, די געגנט. „...אַרומשפּאַנען איבער דער שטאָט, א, די גאַסן אין דער לענג און אין דער ברייט“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. „פֿלי, מײַן פֿערד, אויף אונדזער ערד, אויסצומעסטן גאָר די ערד“, מל, 'צוויי ייִנגלעך'. חכמהלע וועגן אַ ליידיקגייער אָדער וועגן עמעצן אָן אַרבעט: „ער איז אַ פֿעלדמעסטער, ער מעסט אויס די גאַסן“.

5. אָנשלאָגן, אָנברעכן די ביינער. א, דעם רוקן (די פּלייצעס) מיט אַן אייל. א, די ביינער מיט אַ שטעקן (פֿלאָקן, פּאַלקע, וואַלגערהאָלץ). א, פֿון אויבן ביז אַראָפּ (אונטן) = א) שלאָגן איבערן גאַנצן לײַב; ב) באַקוקן.

א, די (זײַנע, פֿראַנצעוואַטע) קישקעס, וואול

“גענעסן האָב איך קדחת...אויסגעשטאַנען
קעלט, צאַד, היץ, און זייער אָפּט פּלעגט מען

אויסמעסטעוודיק

מיר א, די פּלייצעס מיט דעם אייל“, אמד, דער
פּאָרטעפּיאַניסט.
*א, פּעלד = מיט (ווײַסן) פּאָדעם
אויסמעסטן קבֿר פֿון אַ צדיק און די גאָנצע לענג
פֿון פּאָדעם אויסניצן ווי קנויטן פֿאַר ליכט
וואָס מע גיט אָפּ אין בית־מדרש (שטיבל)
ווי אַ סגולה פֿאַר אַ (מסוכּן) קראַנקן, ספּעצ
אַ קינד.
אויסמעסטעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
אויסמעסטן. „די אינטעליגענץ־טעסטן זײַנען
געבויט אויף דער הנחה אַז אויך אינטעליגענץ
איז א'“.
אויסמעסטעוודיקייט — די (דאָס), ־ו.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסמעסטעוודיק. א, פֿון
צײַט, שטח. א, פֿון אַטאָם.
אויסמעסטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקע אויסמעסטונג. אַזאַ א, איז ניט גרינג
אָנגעקומען.
אויסמעסטער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס פֿאַרנעמט זיך (פּראָפֿעסיאָנעל) מיט אויסמעסטן. דער א, מיט זײַנע אַפּאַראַטן. אויך: יעדער אויסמעסט־אַפּאַראַט.
אויסמעסטערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט פֿון אויסמעסטער. „א, פֿאַרלאַנגט אַ סך קענטעניש אין טריגאָנאָמעטריע“.
אויסמעק — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסמעקן. „...זען די ייִדישע געשיכטע ווי איין גרויסן באַשערטן וועג, אָן שום א, און צענזור אויף די הונדערטער יאָרן גלות„, יג, טמז, 3 ￼ 1957.
אויסמעקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמעקן. אַזאַ קונציקע א, אַז מע באַמערקט גאָרנישט.
אויסמעקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געמעקלט. פֿטמ. דורכפֿירן די אַרבעט פֿון פֿאַרמיטלער בײַם קויפֿן־פֿאַרקויפֿן. געפֿינען אַ קונה אָדער סחורה פֿאַר אַ קונה. אויסמעקלערן. „קיין אימעניעס האָב איך אויף מײַן לעבן נאָו ניט אויסגעמעקלט“, שע, מנחם־מענדל.
אויסמעקלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
וו￼ר עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסמעקלען. (מיט איר בײַטעם לגבי מעקלער).
אויסמעקלערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געמעקלערט. 1. דזוו אויסמעקלען ←. „קיין

שום אימעניעס האָט מען עפּעס נישט געהאָרכט
אַז [ער] זאָל א',,, שע, ,איבער אַ היטל'. 2.
פֿאַרשפּרייטן געדאַנק(ען). דורכפֿירן אָפּמאַך צווישן
צדדים. א, אַ געמיינזאַמע וואַל־ליסטע צווישן
אַלע ציוניסטן. ,,...איז געווען פֿול מיט
געשווינדן אימפּעט אויסצומעקלערן עמעצן ניט
קיין צוקער, נאָר עפּעס אַן אידייע“, בערג,
בײַס דגיע￼ער II.
אויסמעקן — טרוו. מעק אויס, ~געמעקט.
1. אָפּווישן דאָס אָנגעשריבענע, א, אַ וואָרט,
שורה, אַלץ פֿון העפֿט. אַרויסנעמען געשריבנס
(מיט עפּעס אַ מיטל). א, דעם נאָמען פֿון פּאַס.
,,דאָס פֿאַרשריבענע לאָזט זיך ניט א',,, שוו. stoב
פֿאַרטײַטשט 'מחק, — ,,אויש גמעקט“. ,,אַ
שורה, אַן אויסדרוק אָדער אַ וואָרט, וואָס אַ
￼ גרויסער דיכטער האָט אויסגעמעקט אָדער
￼ איבערגעמאַכט, קאָן אונדז מער לערנען...
וו גאַנצע ביכער“, שנ, לעזער, דיכטער,
קריי
טיקער 2 .I. אויסרײַבן, פֿאַרשמירן. ,,די
עדים זאָלין ניקש אויש מעקין אויש דען

ביכערן, ווען שוין איין זך בטל איז, נייארט

זולין אונטער דער זאַך שרייבּן אַז דיא זאַך בּטל איז, אונ, זולין זיך בּייד דרונטער חתמן“, תּקק.
„,אַז דיינר נשמה הושט גמאכט איין פֿלעק,
תּיכּף ומיד מיט תּשובֿה אויז מעק“, ▯ה I▯,
כא. ”דאָס פּינטעלע ייִד קען מען ניט א,“, שוו [אין פֿאַרבּינדונג אויך מיט בּ5].
3. מאַכן עפּעס זאָל פֿאַרשווינדן, זאָל פֿאַרגעסן ווערן. „,דרום מיין ליבּר גאָט, זייא מיר מייני (עבֿירות מוחל) אונ, מעק אויש מייני זינד“, לט1, 1/7. „,איז שאָדן אַזאַ פֿעלער, אַזאַ זינד וואָס לאָזט זיך גאָרניט א,?„, ממוס, קליאַטשע. *א, פֿון זכּרון = ניט ווען געדענקען. *א, פֿון האַרצן = אויפֿהערן ליבּ האָבּן. „,איך וויל ניט א, פֿון מײַן האַרצן דודן און בּלײַבּן אויף אייבּיק אין דער פֿינצטער“, ספּ, סודות.

-

4. אויסשליסן, בּאַזײַטיקן; אויסשטרײַכן פֿון אַ רשימה. א, פֿון דער חבֿרה. *א, פֿון צעטל = ניט רעכענען מער צווישן פֿרײַנד, מיטגלידער פֿון אַ גרופּע. 5. אומבּרענגען. א אַלע שׂונאים, אַ גאַנץ פֿאָלק. „,יעדער גלוסט

אַ בײַנדל זיך אָפּלעקן, יודלס נאָמען פֿון דער
װעלט א'", ממוס, יודל.
אױסמעקן זיך — אוטוו. ← דפּוו. פֿון זיך,
אָן כּוונה אױסגעמעקט װערן. „און אױסגעמעקט
האָט מײַן זכרון זיך — פּרובירט האָב איך
אומזיסט די אײנזאַמקײט מיט מוח־בילדער צו
באַפֿעלקערן", יהואָש, נאַכט־מחשבֿות..

אױסמעקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). (
אומגעראָטענע, אומנײטיקע) אױסמעקונג. „װאָס
איז דאָס פֿאַר אַן א'? מע קען דאָך
דורכלײענען װאָס עס איז פֿריִער דאָ געשטאַנען„..
אױסמעקען — ־קע אױס, ~געמעקט. אוטוו
— מיטאַמאָל אָנהײבן אַרױסברענגען (
אומקלאָרע) קלאַנגען (ענלעכע צו) מע־מע. „דאָס
שטילע װײַסע ציגעלע אונטערן קינדס װיגעלע
מעקעט פּלוצעם אױס".
טרוו — 1. דורך קלאַנגען, ענלעכע צו
מעמע, עפּעס אױסדריקן. „דאָס שעפֿעלע שטעלט
אָן אַ פּאָר תּמימותדיקע אױגן און מעקעט
אױס נאָך תּמימותדיקערן צוטרױ„. 2.
אַרױסזאָגן עפּעס מיט שװעריקײט; אױסשטאַמלען.
עפּעס א, װאָס מע קען ניט פֿאַרשטײן.

אויסמעקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אויפֿהערן מעקען. „די שעפּסן האָבן זיך
אויסגעמעקעט און זיך צונויפֿגעדריקט אין איין
וואָלענער מאַסע“. 2. אויסדריקן זיך מיט
שוועריקייט. “נו, האָסט דאָך עפּעס געוואָלט
זאָגן...וואָס זשע דברסטו ניט? מעקע זיך
אויס, אַלטער“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון
אַלקעך.
אויסמעקרן — [...מײַ'קערן, זן: מעאַ'קערן]
טרוו. < עקר. מעקר אויס, ~געמעקרט. 1.
אינגאַנצן אויסוואָרצלען. „אַזעלכע רשעים — א,
דאַרף מען זיי!“. 2. אָנגעשטרענגט
אויסזוכן. א, פֿון אונטער דער ערד. א, אַלע
ווינקעלעך, אַלע שאַפֿעס — און ניט געפֿינען
[פֿע זיך פֿאַרבונדן מיט אויסאַקערן ←].
אויסמערבן — טרוו. מערב אויס, ~
געמערבט. אויך: ~מאַרבן. מאַכן מערביק,
מירביק, קרוכלע. א, די פּענעצלעך ברויט.

אויסמעשׂרן

אויסמערבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
מערביק, מירביק, קרוכלע. „האַלט אַ ביסל
לענגער אין אויוון, וועלן די בולקעלעך זיך

א,“.

אויסמערגלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמערגלען. 2. אויסצערונג, אָפּצערונג, מאָגערקייט. ראָש מלונמפּתח, זשיטאָמיר 1872, שפּ, 121.

אויסמערגלען —. טרוו. ־גל אויס, ~ געמערגלט. 1. מאַכן מערגל, צונויפֿמישן קאַלך מיט ליים. א, וואַפּנע. 2. אויסצערן, אויסמאָגערן.

אויסמערדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמערדערן.

אויסמערדערן — טרוו. מערדער אויס, ~ געמערדערט. דזוו אויסמאָרדן ←, אָבֿער נאָו עמפֿאַטישער.

אויסמערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסמערן (זיך). האַסטיקע א, פֿון קיניגלעך.

אויסמערמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~(גע)־ מערמירט. פּר. אויספֿאַרבֿן, אויסמאַליעווען (עס זאָל אויסזען ווי מירמלשטיין). “האָט ר, לוי געלאָזט א, פֿאַר זײַן איידעם אַ שיינע דירה„, ד. פֿלינקעך, מז, 17 IX 1946.

אויסמערן — טרוו. מער אויס, ~געמערט. מאַכן עס זאָל זײַן מער; פֿאַרמערן. „און

דער אייבערשטער האָט געשטראָפֿט און
אויסגעמערט אונדזערע צרות (שׂונאים)„..
אויסמערן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
פּרוכפּערן זיך, פּלאָדיען זיך אין אַ גרויסער מאָס.
ווערן מער. „די באַפֿעלקערונג מערט זיך אויס
מיט יעדער יאָר“.
אויסמערעזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~
געמערעזשעט. אַרויסציִען (האָריזאָנטאַלע)
פֿעדעם פֿון אַ געוועבֿ, עס זאָל זיך באַקומען אַ
(לעכלעכדיקער, נעץ־אַרטיקער) מוסטער. א, אַ
בלוזקע, טיכל.
אויסמערען — טרוו. ־רע אויס, ~געמערעט.
סל. אויך: ~מירען. 1. מאַכן שלום צווישן
אָ צאָל. א, די קינדער, זיי זאָלן זיך ניט
שלאָגן. 2. באַרואיקן. א, די קינדער, זיי
זאָלן זיצן שטיל.
אויסמערעשטשען זיך — אוטוו,
דריטפּערזאָניק. עס ־שטשעט זיך אויס, זיך ~
געמערעשטשעט. סל. זיך אויסדאָכטן, אומקלאָר
זיך אַ ווײַז טאָן פֿאַר די אויגן. „וואָס
מערעשטשעט זיך דיר אויס אַז חיים איז דאָ
פֿאַרבײַגעגאַנגען? דאָס איז גאָר געווען יאַנקל“.
אויסמערקן — טרוו. מערק אויס, ~געמערקט.
1. דזוו אויסמאַרקן ←. 2. באַמערקן,

דערזען. פֿטמ. „מיט איין פּאָר אויגן קען מען ניט
אַלץ א'“.
אויסמערקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~
געמערקעוועט. אוקר. דזוו אויסמאַרקעווען ←,
אויסמאַרקירן ←.
אויסמעשטשען (זיך) — ־טשע (זיך) אויס,
זיך ~געמעשטשעט. דזוו אויסמאָסטען (זיך) ←.
זיך א, פֿינף אויף איין באַנק. זיך א, אין
בויד.
אויסמעשׂרן—. [...מײַ'סערן] טרוו. מעשׂר אויס,
~געמעשׂרט. תח. אָפּשיידן, אויסטיילן מעשׂר
פֿון פֿאַרשיידענע געוויקסן (תּבֿואה, גרינסן,

אויסמפּ(י)לען

פֿרוכטן). אָפּשיידן פֿאַרשיידענע מינים מעשׂר
(מעשׂר ראשון, מעשׂר שנ). „ווען מע קויפֿט
תּבֿואה פֿון אַן עם־האַרץ און מע קען האָבן
אַ ספֿק צי ער האָט אויסגעמעשׂרט די תּבֿואה,
איז דאָס געקויפֿטע דמאי'„.
אדיסמפּ(י)לען — [...מאַפּלען] אוטוו. מפּ(י)ל
אויס, ~געמפּ(י)לט. אָן בכּיוונדיקן
אַרײַנמיש מפּ(י)לען, (ווען פּראָצעס פֿון
שוואַנגערשאַפֿט רײַסט זיך איבער פֿאַר דער צײַט).

„זי האָט שוין צוויי מאָל אויסגעמפּלט ביַי
דער אַרבעט: איצט, אַז זי שוואַנגערט ווידער,
אַרבעט זי ניט מער„, רייד.
אויסמצליחן — [...מאַצלי'אַכן] אוטוו. מצליח
אויס, ~געמצליחט. האָבן הצלחה, גליק, אין
אַ צאָל (טואונגען, אונטערנעמונגען אע). ▯ עס
גייט אים, קיין עין־הרע, צו וואָס ער נעמט
זיך נאָר — מצליחט ער אויס“, רייד.
אויסמקהן — [...מע'קאַכן, מע'קעכן] טרוו.
מקח אויס, ~געמקחט. (סוחריש, קאָוונע).
אויסשריַיבן פּריַיזן אויף סחורה. „מיר מקחן
אויס די זייגערלעך מיט אַזעלכע סימנים וואָס
נאָר מיר אַליין פֿאַרשטייען זיי„.
אדיסמקיא(נע)ן — [...מיַי'קע(נע)ן,...מע'
קע(נע)ן] טרוו. מקיא אויס, ~געמקיאט. אויך
מיט ז י ך. ← אויסמייקענען (זיך). ▯ דיין
ברוֹט וואָס דוא האָסט גגעסן ועסטו צוריק
אויס מעקינין„, מס, משלי תּקע“ד, כג, 8.
אויסמקלען — [...מאַקלען] טרוו. מקל אויס,
~געמקלט. < מקל = שטעקן. שטאַרק, אַ סך
שלאָגן מיט אַ שטעקן. א, די ביינער, דעם
רוקן, עמעצן. „מ'האָט מיר [= מיך] נעכטן
אויסגעמקלט אויף דער מאַקלעניצע(?), בין איך
היַינט אַנטלאָפֿן אויף דער טאַרגאָוויצע„ פֿל [י.

,
ל. כּהן, ייִוואָ, 1957, נומ, 398].
אויסמראָטשען — ־טשע אויס, ~
געמראָטשעט. אויך: ~מראַטשען, ~
מאָראָטשען. אַקוזוו — אַ קליין בּיסל אַ רעגן
טאָן, באַוויַיזן זיך פֿון אַ שפּריירעגן. „עס
האָט נאָר אויסגעמראָטשעט; די גאַס איז קוים
נאַס געוואָרן„.
טרוו פֿאַרדרייען פֿאַרפּלאָנטערן;
אויס— ,

פֿינצטערן; מאַכן (ענין) אומקלאָר. זיך
פֿאַרלאָזן אויפֿן גראַדן שׂכל און ניט לאָזן א, דעם
קאָפּ מיט וויסטע פּלענער. סל.
אויסמראַקען — ־קע אויס, ~געמראַקעט.
אַקוזוו — באַוויַיזן זיך פֿון אַ שפּריירעגן
(מיטאַמאָל און אויף אַ קורצער צײַט). „עס
האָט אויסגעמראַקעט אַ פּאָר טראָפּנס און מער
האָט שוין ניט גערעגנט“. טרוו —
אַרויסגעבן, אַרויסבּרענגען אין קליינע טראָפּנס. „ווי
כמאַרעס שלעפּן זיך אין אָסיען, וועל איך
די טרערן מיַינע א, פּאַמעלעך“, חג, דער
מאַמעס צוואָה.
אויסמרגלען — [...מעראַ'גלען] טרוו. מרגל

איס, ~געמרגלט. 1. אויסגיין, דורכגיין אַ
געוויסן שטח ווי אַ מרגל, אויסקוקער. א, די
גאַנצע געגנט; א אַלע וועגן וואָס פֿירן צו

,
דער פֿעסטונג אאַזוו. 2. אויסקוקן,
אויסשפּיאָנירן. גאָבגיין און א, וואו זיי קלײַבן
זיך צונויף. 3. אַקוזוו — סתּם דורכגיין (בײַם
שפּאַצירן). „ס'איז אַ שיינער זומערטאָג.
לאָמיר א, דעם וואַלד„.

286

אויסמרוקען — ־קע אויס, ~געמרוקעט.
אוטוו — 1. אַרויסבּרענגען אומקלאָרע
קלאַנגען (ענלעכע צו) מרו־מרו. א, ווי אַ בער,
ווי אַ בייזער הונט. 2. דזוו אויסכריוקען (ווי
אַ חזיר). טרוו — דורך קלאַנגען, ענלעכע צו
מרו־מרו, עפּעס אויסדריקן. א,
אומצופֿרידנקייט.
אויסמרוקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. מרוקען
(דורך דעם זיך גרינגער מאַכן) און
אויפֿהערן.
אויסמרוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסמרוקען (זיך). „דער אמתער

קאָנצערט; אַן אויסכראַקעניש, אַן א', אַן
אויסשנײַצעניש פֿון די נעז,,.
אויסמרהצן — [...מע'רכעצן] טרוו. מרחץ
אויס, ~געמרחצט. אויו מיט ז י ו.
אויסבּאָדן אין אַ מרחץ, בּאָד. (גוטמוטיק, שפּאַסיק)
א, די זינדיקע .ינער. זיו גוט א, אויף דער
אייבּערשטער בּאַנק. זיך א, לכּבֿוד שבּת.
אויסמריקען — ־קע אויס, ~געמריקעט.
1. דזוו אויסמרוקען ←. 2. אויסבּעקען (ווי
שאָף).
אויסמשיהן — [...מאָשי'אַכן] טרוו. אימפּ,
איצ נבּ. ~געמשיחט. נעאָל. בּרענגען
אויסלייזונג, גאולה, ווי משיח; בּרענגען משיחן.
"דער עיגול אָבער טרייסט...: לערנט פֿון מיר,
יהודים טײַערע, וועט איר משיחן א'", צײַט,
געזאַמלטע לידעך II.
אויסמשכונען — [...מאַ'שקענען] טרוו.
משכּון אויס, ~געמשכּונט. צונעמען זאַכן
ווי משכּנות, גאַראַנטיע פֿאַר אַ חובֿ.
אויספֿאַר,
קויפֿן (זאַכן פֿון אַ שטובּ) בּײַם אײַנמאָנען
אַ חובֿ. ,,עס קומט אַ פֿאַראָרדענונג
אויפֿצומאָנען דעם הוספֿה־שטײַער, אַז ניט — א,!"
ימ, צײַט, שאַוול 1924.

אויסמשלען — [...מאָשלען] טרוו. משל אויס,
~געמשלט. 1. אויפֿקלערן מיט אַ משל,
אַלעגאָריע. דער מדרש משלט עס אויס אַזוי...
2. אויסמאָלן; פֿאָרשטעלן קלאָר און
בילדעריש. „איך זע — דו פֿאַרשטייסט ניט; וועל
איך עס דיר א, און מיט פּשוטע ווערטער
דערציילן“. „אַ גאַנצע וואָך בין איך שוין נישט
געשלאָפֿן. אין דמיון איז געשטאַנען די
מצבֿה וואָס אַנקל האָט מיר אויסגעמשלט“,
,
י. פּערלע, ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר. 3. מאַכן
פֿון עפּעס אַ משל, סימבאָליזירן פֿאַרוואָס
.„
האָט ער עס אויסגעמשלט ווי אַ יצר־הרע וואָס
האָט זיך פֿאַרשטעלט אין אַן אָרון־קודש?“,
חג, די ישי ה.
אויסמשפּטן — [...מי'שפּעטן] טרוו. משפּט
אויס, ~געמשפּט. 1. זײַן אַ ריכטער איבער
אַ צאָל. א אַלע אַרעסטירטע און זיי
פֿאַר,
משפּטן צו תּפֿיסה. 2 פֿאַרענדיקן משפּטן,
.
אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין. אין איין שעה
א, עטלעכע צענדליק באַשולדיקטע.

אויסמשׂמחן — [...מעסאַמיי'אַכן] טרוו. משׂמח אויס, ~געמשׂמחט. משׂמח זײַן, פֿאַרשאַפֿן פֿרייד; אַרײַנבּרענגען אין אַ זייער לוסטיקער שטימונג. א, דעם חתן, די כּלה און אַלע מחותּנים. א, די געסט.

אויסמתן — [...מעסן] טרוו. אימפּ, איצ נבֿ. ~געמתטט. נעאָל. מאַכן עס זאָל אויסזען טויט; מאַכן פֿאַר אַ מת. „ווער האָט מײַן

מאַאויסנאָגלען

מען אויסגעמתט דאָס פּנים? ווער?"לכער טויט, קוו, 9▯▯▯.

אויסן — אַדוו. אַרכ. אין דער פֿרעמד; מחוצן לאַנד (שטאָט). „דער [סוחר] בּליבּ לנג אוישן, וואול פּופּצען יאַר„, לט1, ה/2. ← אויסנבּלײַבּן.

אויסן — דער, ־ס (מצ זן). דרויסנדיקע פֿאָרעם, דרויסן, דרויסנטייל. „אויסן — ווייניק, אינען (הינען) — גאָרנישט", פּוול [בּײַם איר כאַראַקטעריזירן עמעצן: דער ערשטער אײַנדרוק, דאָס אויסזען איז ווייניק וואָס ווערט; דער תּוך, דער עצם מענטש איז גאָרנישט ווערט]. „אויסן איז בּלײַבּן אין דרויסן", שוו,

ווילנע [ווש מיט אויסן זײַן, טרוו; באַטײַט: אַז מען איז אויסן צו פֿיל זאַכן, דערגרייכט מען קיין זאַך ניט ▯. אַ וואָרט (אַ מיינונג, אַ שליחות) פֿון א, = מחוץ דעם אייגענעם קרײַז. ווש: קענען אויסנווייניק, קענען א, — ווייניק.
,,אויף א, מוז מען זיך גאָר גרויסן,, ▯ שוו.
אויסן — פּרעפּ+דעם. אין לד אויך פֿאַר זאַכווערטער פֿון ווײַבלעכן מין. אויס דעם, פֿון דעם, הינטער דעם. ,,זעה נישט דעם ווײַן וויא ער איז רעטליך, וויא זײַן פֿאַרב שפּילט אויסן גלאָז“, מס, משלי תּקע“ד, כג, 31. ,,און די מצרים ווען זיך עקלען צו טרינקען וואַסער אויסן טײַך“, תּי, שמות, ז, 18. ,,כ'ווען דעם לעצטן טראָפּן בלוט דיר קושן אויסן האַרצן,,, יהואָש, 'אין טאַנץ,. *א, ה ו י ט קריכן (שפּרינגען) = זיך שטאַרק מיִען; זײַן זייער אויפֿגערעגט. *א, ק אָ פּ — פֿון זכּרון,
--▯
אויף אויסווייניק; אָן אַ מאָדעל, דעסן אָדער מוסטער. שטיקן אַ בילד א, קאָפּ. א, אויג ←. *א, ש ט אָ ט = הינטער דער שטאָט, לד. “דאָ אויסן שטאָט האָט זי אַלע ערטער דערזען, וואו זי פֿלעגט אַמאָל אומלויפֿן מיט

אירע חבֿרטאָרינס“, יד, אבֿן נגף. *לויפֿן (פֿליִען) פֿײַלא, בֿויגן = זייער גיך. „מע גייט, מע פֿליט, מע לויפֿט ווי אַ פֿײַל א, בֿויגן; מע שמועסט, מע האַנדלט, מע קויפֿט — און מ'איז שוין אַוועקגעפֿלויגן“, אבֿג, 'דער יוד אין קיעבֿ', נהש I □.

אויסן — קאָנווערבֿ, זן. ← אויסנבֿלײַבֿן, אויסנלאָזן.

אויסנאַבֿלען — טרוו. ־בֿל אויס, ~געגאַבֿלט. פֿר (קעלץ, זשעליכאָוו, צויזמער אאַ). אויסרעדן אויף עמעצן (שלעכטס, מיט בייזקייט). „זיי האָבֿן זיך צעקריגט, נאַבֿלט זי אויס אויף דער חבֿרטאָרין אַזעלכע מיאוסקייטן!“ [< נבֿל, 'וינבֿל צור ישעתו„ דבֿרים, לבֿ, 15].

אויסנאָבֿלען — טרוו. נאָבֿל אויס, ~גענאָבֿלט. נעאָל. מאַכן פֿאַר אַ נאָבֿלמאַן, אַדלמאַן. „אין ענגלאַנד האָט מען שוין אויסגענאָבֿלט אַפֿילו אַ דזשאָקי, דה אַ שמײַסער„, רייד.

אויסנאָגונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסנאָגן. אומבֿרחמנותדיקע א'.

אויסנאָגלען — טרוו. ־גל אויס, ~גענאָגלט.
1. אַרומשלאָגן מיט נעגל, טשוועקעס. נאָך אַ ביסל א', די בֿרעטער זאָלן זיך האַלטן.
2. אַרויסנעמען, אָרויסציִען נעגל. “איידער מע

ניצט די ברעטער פֿאַר דער סוכּה, דאַרף מען
זיי א', מע זאָל זיך ניט צערײַסן די הענט“,
רייד.

אויסנאָגן

אויסנאָגן —־ טרוו. נאָג אויס, ~געגנאָגט.
1. אויסגריזשען. א, די ביינער. די מײַזלעך
האָבן אויסגענאָגט דעם קעז. 2. אויסזויגן,
אַרויסציִען (פֿליסיקייט) מיט די ליפּן. א, דעם
מאַרכביין. ,,דאָס קינד נאָגט אויס דאָס
פֿלעשעלע ביזן דנאָ“. ,,לאַקרעץ ווען ער עסט אים
— שהכּל, און אויך ווען ער שלינגט אים נישט
אַראָפּ, נאָר ער נאָגט אויס דעם זאַפֿט —
שהכּל“, חא, סב/א. ,,תּאווה־הונגער האָט דאָס
לײַב מיר אויסגענאָגט,,, הר, אָדמס קינדער.
3. אויסדריקן; אויסעסן. ,,ער האָט מיר
די פֿריִערדיקע נשמה אויסגענאָגט,,, פּרץ,
'ס'ברענט'. ,,דאָס לעבן זעקס יאָר אין די
היטלעריסטישע קאַזעמאַטן האָט פֿון אונדז
אויסגענאָגט דאָס לעצטע ביסל
פֿאַרשטענדעניש“, שטריגלער. *א, פֿון אַרבל, פֿון
פֿינגער = אויסטראַכטן. 4. אָפּשוואַכן דורך
שטאַרק עקספּלואַטירן. *א, דעם מאַרך פֿון די

בײנער, דאָס בלוט פֿון האַרצ(ן). „דער פּדיון מאַכט גאָרנישט גוט, עס איז נישט מײַן, נאָר דער גוטער־ייִד נאָגט אויס דאָס ביסל בלוט„, טעיאַטאָר. „„...נעמען גרויס פּראָצענט און נאָגן בײַ פּויערן אויס דעם מאַרך פֿון די ביינער„, ממוס, אַ סגולה. „„...זייגן אויס דאָס ליכט פֿון די אויגן און נאָגן אויס דאָס בלוט פֿון האַרץ“, פּרץ.

אויסנאָגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקע אויסנאָגונג.

אויסנאָגער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס נאָגט אויס. עקספּלואַטאַטאָר. אַן אויסנוצער, אַן א„.

אויסנאָגערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט, טואונג פֿון אויסנאָגער. אומפֿאַרשעמטע א'.

אויסנאַדילען — טרוו. ־לע אויס, ~(גע) נאַדילעט. אוקר. סל. אויסטיילן, פֿאַרטיילן אין חלקים. א, צווישן די פּויערן חלה מיט בראַנפֿן.

אויסנאַד(י)ען, ~נאַדז(י)ען, ~נאַדזשען
— טרוו. ־ד(י)ע, ־דז(י)ע, ־דזשע אויס; ~ גענאָד(י, ז, זי)עט, ~גענאַדזשעט פֿאַרפֿירן;
—
.
אויסנאַרן. „נאָר נאַרישע מיידלעך לאָזן זיך א„..

אויסנאָדלען —. טרוו. ־דל אויס, ~גענאָדלט.
אַרײַנשטעקן נאָדלען. א אַ קלייד גלײַך פֿון
,
אַלע זײַטן און קירצן.
אויסנאַוולען —, טרוו. ־וול אויס, ~גענאַוולט.
← אויסנאַבלען; ← אויסנבֿלען; ←
אויסעוולהן.
אויסן אויג — פֿראַזע. 1. זייער ענלעך,
לויטן אויסזען פּונקט ווי. דער טאַטע (די
מאַמע, דער פֿעטער אאַ) אויסן אויג. „קוקט זי
נאָר אָן, די בלינדע רייצעס טעכטערכיע...די
מאַמע א, א'", י. מ. ניימאַן, שבת־אויבס. 2 פֿון
.
די אויגן. „מע טאָר אים ניט אַרויסלאָזן אויסן
אויג, מע דאַרף אים שטענדיק היטן".
אויסנאַטוראַליזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~נאַטוראַליזירט. מאַכן פֿאַר בירגערס אַ צאָל
(אַלע) פֿון אַ גרופּע. „דאָס ביוראָ האָט געהאָלפֿן
א, טויזנטער אימיגראַנטן", רייד.
אויסנאָטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)נאָטירט.
אויסשרײַבן אַלע נייטיקע נאָטיצן,
פֿאַרצייכענונגען. א, אַלעמענס רייד.
אויסנאָיען — ־יע אויס, ~גענאָיעט. אוטוו
— אָנהייבן ווייַ טאָן (מיט אַ געדויערדיקן

טעמפּן ווייטיק). אַ צאָן נאָיעט אויס און לאָזט
ניט שלאָפֿן. טרוו — אַרויסקריגן עפּעס דורך
בעטן און קלאָגן. „אַ צוטשעפּעניש, אַז אים
פֿאַ ווערט זיך עפּעס, נאָיעט ער עס אויס,„
רייד.
אויסנאַכטן — טרוו. נאַכט אויס, ~גענאַכט.
נעאָל. אויסהיטן דורך דער נאַכט (נעכט).
„מײַן רעגנבויגן־שלאָס איז מער נישטאָ. כ'האָב
אים אויסגעוואַכט און אויסגענאַכט", לע,
פֿאַביוס לינד.
אויסנאָלן — טרוו. נאָל אויס, ~גענאָלט.
(שוסטערײַ) אויסשטעכן מיט אַ נאָל. „מע דאַרף
א, מיט כּוח, ד עדער איז האַרט".
י
אויסנאַם — דער (די), ־ען. (אין 19. יה
ליטרש: די אויסנאַמע). 1. זאַך, געשעעניש,
פֿירונג וואָס איז אַנדערש ווי דער דורכשניט,
ווי דער כּלל. יוצא־מן־הכּלל. *פֿאַר עמעצן מאַכן
אַן א, = בנוגע צו עמעצן טאָן אַנדערש. „ר,
חיימען אָבער האָט זיך געגלוסט פֿאַר שלמהלען
זײַנעם מאַכן אַן אויסנאַמע, פּרוּוון לערנען אים

דווקא גאַנץ תּנך“, ממוס, שלמה. *ס'איז אַן
א'! = ס'איז זייער גוט (געשמאַק, גערָאטן).
דער צימעס איז אַן א'. 2. מענטש וואָס
צייכנט זיך אויס פֿון כלל, סבֿיבֿה (מיט
פֿעאיקייטן, כאַראַקטער). אַ חתן (כלה) אַן א, =
זייער גערָאטן (שיין, קלוג אע). „אַזוינע '
געהויבּענע, ייִדן איז הײַנטיקע יאָרן פֿאַראַן ניט
איינער און ניט צוויי, זענט איר, פּאַני, אַן
א, צווישן זיי„, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „[וועגן
שאולן] אַ בּחור אַן א'...און אַ גוטער“, פּלאי,
המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ„בֿ.
אויסנאַם־געזעץ — דאָס (דער), ־ן. געזעץ
וואָס איז חל (אָדער ניט חל) בּלויז אויף ייִדן
[בּאַזונדערש בּשײַכות מיט די געזעצן פֿון
צאַרישן רוסלאַנד, וואו עס איז געווען די פּראַזע
„קראָמע יעוורעיעוו„ = חוץ ייִדן]. „די א־ג'ן
אַז אַ ייִד דאַרף ניט אין דער פּראָנטע דינען,
ווערט ניט בּאַפֿרײַט אין פֿרידנסצײַט וו
אַנדעי

רע...„, קמ, 1865, No l9.
אויסנאַמדיק — אַדי. וואָס איז אַנדערש ווי
דאָס איבּעריקע, וואָס איז יוצא־מן־הכּלל.
„הײַנטיקער שבּת־הגדול איז גאָר אַן א'ער“,

זײַדמאַן, טמז, 16 1954 I.

אויסנאַמווײַז — ← אויסנאַם. 1. אַדוו.
ווי אַן אויסנאַם. „איך קען עס טאָן פֿאַר אײַך
נאַר א, פֿאַר קיין אַנדערן טו איך עס ניט".

,

[אין פֿאַרבינדונג מיט אַן אַדי: א, גוט (שלעכט)
— נר]. 2. אַדי נאָר אין פֿאַרבינדונג מיט:
אופֿן, שטייגער אע, למשל: אויף אַן
אויסנאַמווײַזן אופֿן [אָבער ניט: 'אויסנאַמווײַזער
מענטש, אאַ].

אויסנאָמינירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
נאָמינירט. נאָמינירן פֿאָרלייגן קאַנדידאַטן אויף

,

אַ צאָל אַמטן. א אַ גאַנצן צעטל קאַנדידאַטן.

,

אויסנאַמיק — אדי. וואָס איז אַן אויסנאַם,
אומפֿאַרגלײַכלעך, אויסגעצייכנט. א'ער אויפֿטו.
„און איר גלאַנץ איז געוועןא'", תּי, דניאל בּ,
31. „...האָט אין האַרציקע פֿאַרבן געשילדערט
די א'ע פּערזענלעכקייט„, אויפֿן שוועל,
יאַנואַר, 1957.

אויסנאַמיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסנאַמיק;
זעלטנקייט, אומפֿאַרגלײַכלעכקייט. „א, וואַרפֿט זיך

אויסנאָרמירונג

אין די אויגן און דרינגט אַרײַן אין האַרץ“.
אויסנאַמ(ס)פֿאַל — דער, ־ן. זעלטענער,
אומגעוויינטלעכער פֿאַל. טאָן נאָר אין א,. „...זעט
אויס די שטענדיק יונגע האַרמאָנישע
געשטאַלט...ווי עפּעס אַן א,“, בעל־מחשבֿות II.
אויסנאַם־צושטאַנד — דער, ־ן. 1. מצבֿ,
אַרויסגערופֿן דורך אויסערגעוויינטלעכע
באַדינגונגען. 2. ספּעצ — מצבֿ, ווען די רעכט פֿון
בירגערס (אײַנוואוינערס) ווערט שטאַרק
באַגרענעצט דורו דעקרעט אָדער געזעץ מחמת
אַ סכּנה פֿאַרן לאַנד אָדער רעזשים. דערקלערן,
אויסרופֿן, פּראָקלאַמירן א,־צ'. אַראָפּנעמען דעם
א,.. .
אויסנאַמקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַן אויסנאַם.
„...ענדיקט מיט אַ תּיקו, בשעת ער קומט צו
דיסקוטירן די סיבות פֿון דער ייִדישער א “,
מוו, וועג צו אונדזער יוגנט.
אויסנאַם־שטײַער — דער, ־ן. 1.
צוגאָבשטײַער בײַ ספּעציעלע סיטואַציעס (אין צײַטן

פֿון מלחמה, קריזיס אע). 2. שטײַער נאָר
אויף ייִדן. 3. ספּעציעלער שטײַער וואָס די
קהילה לייגט אַרויף בײַ געוויסע סיטואַציעס.
[„די געמיינדע איז ניט אין שטאַנד געווען,
חוץ די א׳־נאַלאָגעס (נאַלאָג, רוסיש = שטײַער)
נאָך שולן צו מאַכן“, ארז, קמ, 1 1870, No].

אויסנאַסטן — טרוו. נאַפֿט אויס, ~גענאַפֿט.
באַנעצן מיט (אײַנטונקען אין) נאַפֿט. א, דעם
ק ־
נויט.
אויסנאַסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
גענאַפֿקעט. ← אויסנפֿקהן.
אדיסנאַציאָנאַליזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~נאַציאָנאַליזירט. אינגאַנצן צונעמען פֿאַר
דער מלוכה, נאַציע, פֿאַרשיידענע מינים
אייגנטום (ערד פֿאַבריקן, קאַפּיטאַל). א, גרויסע
,
אונטערנעמונגען און אויך קליינע קרעמלעך
און וואַרשטאַטן.
אויסנאָר — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסנאַרן
אויסנאַרונג. אויסנאַרערײַ.
אויסנאַרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסנאַרן. סיסטעמאַטישע א'. כיטרע, שאַרלאַטאַנישע א'.
אויסנאַרײַען — טרוו. ־רײַע אויס, ~(גע) נאַרײַעט. אויך: ~נאַראַיען. 1. פֿאָרלייגן, רעקאָמענדירן צו קויפֿן (פֿאַרקויפֿן) אַ צאָל זאַכן. א, עטלעכע געשעפֿטלעך. 2. דורכפֿירן רעקאָמענדאַציע, סוגעסטיע פֿאַרמיטלערײַ. א,
.
אַ שידוך פֿאַרן אַלמן. זיך פֿאַרנעמען מיט א, דינסטן.
אויסנאַרישן זיך — אוטוו. ־יש זיך אויס, זיך ~גענאַרישט. אַרויסווײַזן נאַרישקייט; זיך אַליין מאַכן צום נאַר. „יענער דרייט עפּעס אויס, און דו לאָזט זיך און נאַרישסט זיך אויס“, רייד.
אויסנאָרמאַליזירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסנאָרמאַליזירן.
אויסנאָרמאַליזירן —, טרוו. ־זיר אויס, ~ נאָרמאַליזירט. מאַכן אינגאַנצן נאָרמאַל (געוויינטלעך, געזעצמעסיק, נאַטירלעך). א, ייִדישע פּרנסות און באַשעפֿטיקונגען.
אויסנאָרמירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסנאָרמירן. גערעכטע, געראָטענע (אומגערעכטע אאָ) א'.

אויסנאָרמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~(גע)־
נאָרמירט. אײַנשטעלן לויט געזעץ, נאָרמע;
אויסרעגולירן. א, פּרײַזן אויף סחורות.
אויסנאַרן — טרוו. נאַר אויס, ~גענאַרט.
1. אַרויסקריגן עפּעס פֿון עמעצן מיט אַן
אײַנפֿאַל, כיטרעקייט. א אַ בּרכה. ▫ אויפֿן
,
דריטן טאָג איז געקומען די פּרינצעסין א,
בײַ אים אַ האָז", פֿמ. *א, די בּ כ ו ר ה =
אַרויסקריגן אַ פּריווילעגיע, אַ פֿאָררעכט,
פּאָזיציע וואָס פֿאַרשאַפֿט חשיבֿות אע [אויפֿן סמך
פֿון יעקבֿס אָפּקויפֿן די בּכורה פֿון עשׂוו,
בּראשית, כה, 9▫34]. שרײַען, האָבּן טענות
אע, ווי מע וואָלט קומען א, די בּכורה.
„האָסט אויסגענאַרט די בּכורה מיט דער בּרכה
— גיבּ זשע כאָטש דעם טאָפּ מיט די לינדזן!",
שוו [= דעם אָפּמאַך דאַרף האַלטן ניט בּלויז
דער אָפּגענאַרטער, נאָר אויך דער אויסנאַרער].
2. ספּעצ אַרויסקריגן געלט. א, געלט, דאָס
לעצטע ביסל (דאָס גאַנצע) געלט; א, בּיזן
לעצטן גראָשן. א, די עטלעכע גילדן אאַזוו.

,,אויך איין קלוגער רשע...נאַרט אויש דען
לעצטן העלר געלט“, עיון, 34, 1. ,,צו שרייַבּן
פֿאַלשע זאַכן — אַבּי נאָר אויסצונאַרן געלט“,
אבּג, נהש 3 .▯I. איבּערקליגן, איבּערשטײַגן
אין כיטרעקייט. א, די יאָלדן. *א, דעם קרעמער
= איר וועגן איינעם וואָס בּאַרימט זיך מיט
אַ מציאה. ,,אַ נאַר קען מען ניט א,,,, שוו
[= זײַן נאַרישקייט האָט ניט קיין טעם, קיין
יסוד; ווש מיט מאַכן אויס נאַר].
אויסנאַרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ע▯).
אויסנאַרונג, אויסנאַרעניש, אויסנאַרערײַ (או▯ך
מיט בּיטול).
אויסנאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~געגאָרעט.
1. אַרויסקריגן, אַרויסשלעפּן פֿון אַ נאָרע,
בּאַהעלטעניש. א, איר קניפּל פֿון קאַסטן.
2. אויסגראָבּן, אויסזוכן. א, אַלע שופֿלאָדן
און (ניט) געפֿינען. 3. אײַנגראָבּן;
אויסשמירן. ,,מע בּינדט מיר אָפּ די קאַץ...זי זאָל
מיר די לונג פֿון קיישל אויפֿפּרעסן און די
רעשטע אין זאַמד א',,, ווײַס, אַ שטע▯ל.
*א, אין בּלאָטע = אויסזידלען מיט מיאוסע
רייד.
אויסנאָרען זיך — ← דפֿוו. אײַנשמוציקן

זיך, אײַנבּרודיקן זיך. „איך קריך שוין אין
אַלע ווינקעלעך, איך נאָרע מיך שוין אויס
אין אַלע פּאַסקודסטווען„, ייִל, דאָס פּוילישע
ייִנגל, אַדעס 1895. *א, זיך אין בּלאָטע =
אויך: ווערן אויסגעלאַסן, פֿירן אַ מיאוס
לעבּן.

אויסנאַרעניש — דאָס (ד‏), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסנאַרן. אַ
געפּלאַנעוועטע א, מיט אונטערגעשטעלטע קונים וואָס
בּאָטן ווייניקער ווי מיר.

אויסנאַרער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס נאַרט אויס. כּיטרער, אָנגעוויסנדיקער
א'. „אַ מיידל אַ לאַכערקע איז אַן א'קע“.

אויסנאַרערײַ — דאָס & די, ־ען. 1. טואונג
פֿון אויסנאַרער. לעבּן פֿון א'. 2. מיטל צום
אויסנאַרן. “דאָס פֿרומע פּנימל זײַגס איז אויך
א„,..

אויסנאַרעריש — אַדי. וואָס איז ווי (בּע)
אַן אויסנאַרער. פֿאַלש, אומערלעך. א'ע המצאָות.

אויסנאַרערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנ..
שאַפֿט פֿון (זײַן) אַן אויסנאַרער. בּאַרעכנטע א,.

אויסנאַשונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסנאַשן. נאָך אַזאַ א, איז ניט געבּליבּן קיין

לעק אײַנגעמאַכטס.

אויסנאַשיווען — טרוו. ־יווע אויס, ~(גע ־ נאַשיוועט. סל. (שנײַדעריש) ענדיקן אַרויפֿנייען אויף עפּעס. א, גרויסע לאַטעס אויף די אָפּגעריבענע עלנבויגנס.

אויסנאַשן — טרוו. נאַש אויס, ~גענאַשט. 1. אינגאַנצן אויפֿעסן (אויסטרינקען) געשמאַקס, באַטעמטס און עס טאָן (האַלב־געהיים. א, די קיכלעך, זאַפֿט אאַזוו. „מײַז זײַנען גאָר אָנגעלאָפֿן, און וואָס כעלעם רײַך און ברייט אויף דער סעודה האָט פֿאַרגרייט — האָבן זיי צעשלעפּט, צעגעסן, אויסגענאַשט און אויפֿגעפֿרעסן“, מל, „ליטווישע מײַז'. 2. ביסלעכווײַז אויפֿעסן אָדער אויסטרינקען געשמאַקס, ביז דער גאַנצער אָנגרייט (אָדער אַלץ וואָס עס איז אין אַ כּלי) ווערט פֿאַרצערט. א, אײַנגעמאַכטס און אויסליידיקן דעם סלאָי. נעמען צו ביסלעך פֿון אַ צאָל מאכלים, כּלים. א, אַלע טעלער. 3. אַרויסקריגן הנאה פֿון עפּעס אויף אַ האַלב־לעגאַלן, האַלב ־ געהיימען אָדער שפּילעוודיקן אופֿן. א, קושן.

אויסנאַשער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס נאַשט אויס. *אַ כּלה אַן א'קע = געהאַט צו טאָן מיטן חתן פֿאַר דער חופּה.

אויסנאַשערײַ — דאָס & די, ־ען. 1. טואונג פֿון אויסנאַשער. 2. גאָר געשמאַקע נאַשערײַ. צעגייט אין מויל, ממש אַן א'.

אויסנאַשעריש — אַדי. וואָס איז ווי (בײַ) אַן אויסנאַשער. א'ע אייגעלעך, ליפּן. א'ע שטיק, גענגעלעך.

אויסנאַשערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט (פֿון) זײַן אַן אויסנאַשער. א, איז אַ גרויסער חסרון.

אויסנבלײַבן — אוטוו. בלײַב אויסן, [אַרכ אויך אויסנבלײַב]. בין ~געבליבן. 1. בלײַבן פֿון דרויסן, מחוץ; זײַן אויסגעשלאָסן פֿון עפּעס. "איין שינה ברית מילה גימאכט. על [= אַל] דער וועלט גיבעטן, פֿון אונזרם חשבון נימנט אוישן בליבן", פּראָגב, 41. ,, יעדע מיידל האָט שוין איר באַשערטן...נאָר איין סאַראַ איז אויסנגעבליבן, טאַקע ממש פֿאַרזעסן", ב. דעמבלין, צוויי און אַ דריטעך. 2. בלײַבן אין אַ פֿרעמד לאַנד. ,,אַלע זענען צוריקגעקומען, נאָר מײַן זון איז אויסנגעבליבן אויף יענער זײַט ים", רייד. ,,געבט מיר ארלב [= אורלוי] אין מיין לאַנד צו ציהן...איך וויל ניט לנג אוישן בלייבן", מעtה־בוך (וואַגנזײַל).

3. ניט קומען, זיך ניט באַטייליקן. א, בײַ
וואַלן. א, בײַ אַ פֿאַרהער. "אלי בחורים זאָלין
קומען פֿר הערין...אונד וועהר דא ווערט אויזן
בלײַבן, דען זאַל מן אויז ב,,ה [= בית־המדרש]
טרײַבן,,, בחורים־ליד, פּפּמ 1750
נוואַכשטיינבוך).
4. בלײַבן הינטערשטעליק, זיך ניט
באַטייליקן אין (שטײַערן, צדקה). ,,און, ווען איינר
גאָר אוישן בלייבט, דאָ איז מחויבֿ דער פּ,,ה
[= פּרנס החודש] צו שיקן את המשרת...
און, איין משכּון צו נעמין אין זיין הויז", תּקק.

אויסנהרגן

,,...כּדי ער זאָל חלילה ניט א, מיט זײַן חלק
אויף הכנסת־כּלה פֿאַר ר, לייב חסידס
טאָכטער,,, ליטוו. 5. אויסגעלאָזט ווערן. ,,מע
וואַרט [אויף] אַ נײַעם גאַסט...און לײַדער
בלײַבט אויסן אונדזער פּרעפֿעראַנס,,, סעג,
רעגינאַ.
אויסנבלען — [...נאַבלען] טרוו. נבֿל אויס,
~געגנבלט. פּר. ← אויסנאַבלען.
אויסנכואהן — [...נעוואו'ען] טרוו. נבֿואה
אויס, ~געגנבֿואהט. פֿאָרויסזאָגן, זאָגן נבֿואה

װעגן, אױף עפּעס. איר. א, און טרעפֿן מיטן
פֿינגער אין הימל אַרײַן. תּמוז א, גוטס
(שלעכטס).
אױסנבֿלהן — [...נעװאָ'לען] טרוו. נבֿלה אױס,
~געבֿלהט. 1. אָפּטאָן שענדלעכע זאַך, נבֿלה.
,,נאָר אַזאַ געמײנער יונג װי ער קען א, אַזאַ
פֿאַרבּרעכן,,, רײד. 2. אַרױסבּרענגען פֿון מױל
מיאוסקײט (בײזע רכילות, גראָבע רײד). א,
מיט

ל

— [...נאַוולען] טרוו. נבֿל (נאַוו)
וו רעמדיק מױל װיסטע קללות.
אױ I
אױס, ~גענבֿלט. פּר. אױסזידלען,
אױספּיסקעװען, אױסשילטן. א, די שכנות; א, קללות,
רכילות. ← אױסנאַבלען.
אױסנגעבֿונדן — אַדי. פֿטמ. דזוו
אױסגעבֿונדן ←; פֿולקום, קאָמפּלעט. א'ער פֿרײַנד.
פֿיר קלײנטשקע זענין אױף דער װעלט, [ז I
,,
זענין אָבער גאָר אױס נגבֿונדן קלוג,,, מס, משלי
תּקע"ד, ל, 24.
אױסנגעבֿליבן — אַדי, פּאַר אױסנבֿלײַבן ←.

1. וואָס איז געבליבן אין דרויסן, מחוץ; וואָס איז ניט פֿאַרבעטן געוואָרן. „די אַלטע מומע איז אַן א'ענע, מע האָט פֿאַרגעסן זי צו פֿאַרבעטן„. 2. אָפּגעשוואַכט, אָפּגעצערט. „זי איז אַן א'ענע אויף איר בעט געזעסן“, נס.

אויסנגע(נע)ן — [...נעגע(נע)ן] טרוו. נגע אויס, ~געגנגעט. דזוו אויסטשעפּע(נע)ן; כסדר ניט לאָזן צו רו. א, די קינדער, די שכנים אאַזוו.

אויסנגע(נע)ן זיך — [...נעגען] אוטוו. ← דפֿון.

אויפֿהערן אויסנגע(נע)ן. „דערלאַנג אים ווי עס באַדאַרף צו זײַן, וועט ער זיך א'“, רייד.

אויסנדיק —, אַדי. 1. וואָס איז אין דרויסן, מחוץ (פֿון אַ באַשטימטן שטח, ענין). א'ע באַדיגגונגען. 2. פֿטמ. וואָס איז ניט אויסן (← אויסן זײַן). „אָט...קומט מיט וואָלקנס אָן אַ ווינט, ווי גאָרנישט אויסנדיק...און איך פֿונדרויסנדיק פֿאַרבלײַב אין שרעק אַליין“, אַל, 'דער זייגער קלאַפּט...'.

אויסנדיקייט — די (דאָס), ־ן. 1. דרויסנדיקייט. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן (בלײַבן) מחוץ. 2. כוונה, מיין; אייגנשאַפֿט פֿון אויסן זײַן.

אויסן האָבן — צזוו, אַקוזוו. נאצ נב), אויסן געהאַט. זן. האָבן היזק, אָנווער; פֿאַרלירן בײַ

אַ געשעפֿט. „ערשט פֿאַר־צוויי־יאָרן האָט ער
אין דער שול אויסן געהאַט אַן ערך 400
רו״כ פֿון זײַן אייגענער קעשענע„, קמ, 1865,
.No 3

אויסן־האַנדל — דער. מצ נבֿ. האַנדל מיט
פֿרעמדע לענדער. דזוו אויסווייניקסטער האַנדל.
פֿאַרשטאַרקן, קאָנטראָלירן דעם א'־ה,.

אויסנהרגן — [...נע'(הע)רעגן] טרוו. נהרג
אויס, ~גענהרגעט. 1. אויסקלאַפּן, אויסשלאָגן;
גוט אָנבֿרעכן די ביינער (אַ צאָל). א, די

רים וואָס זײַנען אָנגעפֿאַלן. ״בֿאַפֿאַלן דרײַ אויף
איינעם — נו, האָבן זיי אים אויסגענהרגט״.
2. אויסהרגענען. זן.

אוי אפֿן — [...נויעפֿן] טרוו. נואף אויס,
~גענואפֿט. האָבֿן (אומגעזעצלעכן,
אוממאָראַלישן) סעקסועלן פֿאַרקער מיט אַ צאָל.

אויסנ אפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויפֿהערן
(ניט קענען מער, ניט וועלן מער) נואפֿן.

אויסנוד(י)ען, ~נודז(י)ען, ~נודזשען
— טרוו. נוד(י)ע, נודז(י)ע, נודזשע אויס;

~גענוד(י)עט, ~גענודז(י)עט, ~גענודזשעט.
מאַכן איבערדריסיק, לאַנגווײַליק. פֿאַרמאַטערן

מיט דער זעלביקער זאַך (די זעלביקע רייד).
א, מיט נײַן מאָס רייד. א, די תּלמידים מיט
געגיטונגען. *א, די נשמה = נודען ביז ס'ווערט
ניט־גוט. „פּוסטע בײַטאָגן...האָבן בײַ אַלעם
אויסגענודעט די נשמה“, בערג, 'יוסף שור'.
אויסנודעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויסנודען. „אַ קאָנצערט איז דאָס געווען? אַן
א, איז דאָט געווען!„„ רייד.
אויסנוואַנט — די, ~וועגט. דרויסנדיקע
וואַנט. „כאָטש די אויסנווענט זײַנען צעשטערט
שוין, כאָטש אַרום איז די שטאָט שוין
פֿאַרברענט...„„ אַל, ,דער וואונדער,.
אויסנווייניק — אַדוו (אַליין און מיט אויף,
פֿון). ← אויסווייניק. 1. ניט אַרײַנקוקנדיק
אין אַ בוך, ספֿר, טעקסט; לויטן זכּרון.
לערנען, אײַנלערנען, אויסלערנען אאַ (אויף, פֿון)
א'. אײַנחזרן, אויסחזרן אאַ, זוברעווען,
אײַנשטודירן אאַ (אויף, פֿון) א'. קענען דאָס גאַנצע
סידורל, תּהילים, תּנך, גאַנץ ש״ס (אויף) א'.
„איו ווייס ניט וואָס אין דעם בריוו שטייט,
לייען אים פֿאַר מיר! — האָט ער אים

געגנטפֿערט: איך וועל דיר זאָגן א, וואָס אין אים שטייט", נחבֿ, כז/בֿ. „אַ ליטוואַק טוט זיך אָן עצה. לערנט ער זיך א, אַ גאַנצע מסכתּא„, פּרץ, אויבֿ ניס נאָך העכער'. 2. דורך און דורך, זייער גוט. קענען א, ווי אַ ייִד אשרי. 3. פֿון דרויסן, דרויסנדיק. (כּמעט שטענדיק מיט פֿון). „זאָלסט זי אויספּעכן פֿון אינעווייניק און פֿון א, מיט פּעך„, תּי, בּראשית, ו, 14. בֿt כה/בֿ: „וחיצן — אונ אוישן ווינג". „עש טוט דעם פּאַלIק זער פֿר דריסן, אבּר מן טוט אים פֿוו אוישן ווינג וואול פֿר שליסן", אַשכּנז. 4. אָרכ. מחוץ די גרענעצן (פֿון אַ ישובֿ, שטאָט, אַרומגעצוימטן אָרט). „דא בּראכט מן זיא גלײַך פֿר דעם מלך אוישן וויניג. דא ליס ער זיא...„, מבֿ, מעשׂה קמה.

אויסנווייניק — דער. מצ נבֿ. דרויסנדיקע זײַט. דער א, פֿון אַ מענטשן דאַרף ניט פֿאַרשעמען זײַן אינעווייניק.

אויסנווייניקייט — די, דאָס, ־ן. דזוו אויסווייניקייט ←.

אויסנווייניקסט — אַדי. דזוו אויסווייניקסט ←, אָבער פֿאָלקסטימלעכער. „דאש זענין זעלכי מצוות וואַש מען דאַרף זייא טאָן מיט

די אושין ווייניגשטי גלידר“, חה, 13. „מאכדיר פֿריר צו רעכט איין איסן ווענגסטן עסק און פֿינדווידיך אין פֿעלד און דער נאָך הערשט זאָלסטו דיר בּויאן אהויז“, מס, משלי תּקע״ד, כד, 27.

אויסנווייניקסטע — דאָס. בּא. (דאַטיוו: מיט דעם ־טן און אומדעקלינירט). דזוו אויסווייניקסטע ←.

אויסן וועג — פֿראַזע. אין אַ זײַט; אויף פֿאַלשן, ניט־ריכטיקן אופֿן (דרך). גיין, רעדן אויסן וועג. *זײַן א, וו, = זײַן אומבּאַקוועם. *טראַכטן א, וו, = אומלאָגיש טראַכטן, אַריבּער צו ענינים וואָס זײַנען ניט שייך צו די פֿאַקטן, צום עיקר. [*גיי אים אויסן וועג, פּד ← אויס, פּרעפּ, בּ1.]

אויסנוועלט — די, ־ן. 1. דרויסנדיקע וועלט. 2. ניט־ייִדישע וועלט. 3. ווײַטע טיילן פֿון אוניווערס.

אויסנוטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געפוטעוועט. (סטאָליערײַ) מאַכן אַ דינעם שפּיץ פֿון אַ בּרעטל (כּדי עס אַרײַנצולאָזן אין אַן

אויסהוילונג, אַ רינע, פֿון אַן אַנדער ברעט).
פֿיל סטאָל אַרעס לאָזן אַרײַן די דעקלעך פֿון
״
די שופֿלאָדן גלײַך אין די זײַטלעך. די זײַטלעך
ווערן צוליב דעם אויסגענוטעוועט“, בער.
אויסנולן — טרון. נול אויס, ~גענולט. (מאַט)
מאַכן גלײַך צו נול (ווי אַ טייל פֿון אַ
גלײַכונג). „כּדי צו ניצן די פֿאָרמל פֿאַרן איקס,
דאַרף מען פֿריִער אויסנולן די רעכטע זײַט פֿון
דער קוואַדראַטישער גלײַכונג, דה
אַריבערטראָגן אַלע צאָלן לינקס“.
אויסנומערירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסנומערירן.
אויסנומערירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
נומערירט. אויסשרײַבן נומערן, ציפֿערן לויט
אַ סדר. א, די זײַטן, די זיצפּלעצער אאַזוו.
אויסנומערן — טרוו. ־ער אויס, ~גענומערט.
1. אויסנומערירן. 2. (קינדער־לשון) אָנרופֿן
די צאָלן (לויטן סדר). א, ביז צוואַנציק, ביז
הונדערט. 3. אָנשרײַבן ציפֿערן. א￼ אַ גאַנצע
זײַט (אין לשון פֿון יוגנטלעכע, ליטע).
אויסנופּן — טרוו. נופּ אויס, ~גענופּט. (
וועבערײַ). אָפּשערן די קניפּלעך און שטיקלעו
פֿאָדעם אין דער רויער סחורה, נאָ￼:דעם ווי זי

איז דורך דעם וועבשטול און איידער זי גייט
דורך אין דער אַפּערטור ←. ← אויסניפּן.
אויסנוץ — דער. 1. אַקט פֿון אויסנוצן.
2 פֿאַרבֿרויך. ,,דער א, פֿון מאַטעריאַל איז
.
ניט געווען אויספּלאַנירט‟.
אויסנוצונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסנוצן. ריכטיקע, פּלאַנמעסיקע אאַ א'.
אויסנוצן — טרוו. נוץ אויס, ~גענוצט. פֿרגל:
אויסניצן. 1. אַרויסקריגן נוצן (טובֿה,
באַדערפֿטיקייט). א אַ סיטואַציע, אַ מאָמענט אאַ.
,
א אַ געלעגנהייט, שאַנס, שעת־הכּושר. ,,די
,
הכּשרה הפּנימית איז מקבל דעם אור...ווערט
דער אור אויסגענוצט אין דער העכסטער
דרגא‟, תּניא, 108. ‟ער האָט שוין דעם פֿאָטער
לאַנג נישט געזען. קאָן ער דאָך דאָס א, און
מקיים זײַן כּיבוד־אָבֿ,,, אַש, תּהילים־ייִדי
2. עקספּלואַטירן; אַרויסקריגן פֿאַר זיך
רווח, באַקוועמלעכקייט אויפֿן חשבון פֿון
עמעצן. ,,ווײ איז יענעם אויף דער וועלט, ווער
זײַן הויז אָן משפּט שטעלט, און דעם חבֿר
אויסגענוצט און די צימערן פֿאַרפּוצט‟, אר,

,ווײ איז יענעם'.
3 פֿאַרניצן, אײנגאַנצן געבּרויכן עפּעס (
מאַ.
טעריאַל, אָנגרייט). א, דאָס גאַנצע פּאַפּיר אוי

אויסן זײַן

דעם לאַנגן בּריוו. ,,ער האָט אַרום און אַרום
אינגאַנצן דרײַ טעמעס, וואָס ער האָט זיי
פֿריִער אויסגענוצט פֿאַר דערציילונגען'', מוק,
מײַנע בּאַגעגענישן I. [פֿאָלקסטימלעכער:
אויסניצן]. 4. דזוו נוצן, נאָר עמפּאַטישער. ,,דעם
וואָרט וועלכן מע האָט געהערט האָט מען
אויסגענוצט גייענדיק אין מאַרק אָדער אין
דאָרף,,, לדבּ.
אויסנוצעוודיק — אַדי. וואָס מע קען (לאָזט
זיך) אויסנוצן. א'ע מאַטעריאַלן.
אויסנוצעוודיקייט — די (דאָס), ־ן.
מעגלעכקייט אויסצונוצן; פּעאיקייט אויסגענוצט
צו ווערן. ,,די א, פֿון וואָרט...אין דער ייִדישער
פּאָעזיע'', יג, תּוך.
אויסנוצעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויסנוץ, אויסנוצעניש (אויך מיט בּיטול).
אויסנוצעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסנוצן.
אויסנוצער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס נוצט אויס אַ צווייטן; ווער עס לאָזט
ניט דורך קיין גינציקע געלעגנהייט פֿאַר זיך.
אויסנוצערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון
אויסנוצער. אוטיליזאַציע; עקספּלואַטאַציע.
אויסנוצעריש — אַדי. וואָס איז ווי (בײַ) אַן
אויסנוצער; עגאָאיסטיש און אויסגערעכנט.
געהערן צום א'ן קלאַס.
אויסנוצערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסנוצעריש.
אויסנוקען — ־קע אויס, ~גענוקעט. א ☐ ☐ טוו
— מיטאַמאָל, פּלוצעם אַרויסבּרענגען נו־נו.
„אַ מאָדנער שמועס: איינער גיסט עמערס
רייד און דער צווייטער נוקעט נאָר אויס פֿון
צײַט צו צײַט און שווײַגט ווידער“, רייד.
טרוו — 1. עפּעס אויסדריקן, אַרויסבּרענגען
דורך זאָגן נו־נו. א, צופֿרידנקייט
פֿאַרלעגנ ☐
,
הייט אאַ. 2. צואײַלן, אונטעריאָגן. „שווער
צו פֿאַרטראָגן ווי ער נוקעט אונדז אויס בײַ
דער אַרבּעט“.
אויסנוקען זיך — אוטוו. → דפֿוו. גוקען און
אויפֿהערן.

אויסנורען — טרוו. ־רע אויס, ~גענורעט.
אײַנטוליען, צוטוליען. א, דאָס קינד צו זיך.
,,יעדעס מאָל ווען [ער] האָט אַן עפֿן געטאָן די
אויגן, זיי אויסגענורעט אין דער ווײַסקייט
פֿון איר האַלדז...,,, אָפּאַ, טענצערין.
אויסנורען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אין אַ
צאָל ערטער זיך אײַנמאָסטען, זיך צוטוליען,
געפֿינען אַן אָרט. ,,די קאַץ נורעט זיך אויס
אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער קאַנאַפּע“. ,,די
מוזיק האָט זיך געקײַקלט איבער לײדיקע
פֿעלדער, זיך אויסגענורעט אין די טאָלן“,
אָפּאַ, ,אומרו,.
אויסנורקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אויס,
זיך ~גענורקעט. בײַם באָדן זיך אונטערטונקען
זיך (אַ צאָל מאָל). ,,אַז מע גייט אַרײַן אין
קאַלט וואַסער, דאַרף מען זיך גוט א, און עס
ווער. וואַרעמער“.
ט
אויסנותנען — [...נוי'סענען] טרוו. נותן אויס,
~גענותנט. דזוו אויסנתנען ←.
אויסן זײַן — צזוו, אוטוו. בין א', בין א,
געווען (בין געווען א'). 1. ניט זײַן (אין אַ
באַשטימט אָרט), זײַן אַוועקגעפֿאָרן (
אַוועקגעגאַנגען). ,,...און, ןענין ווידר...נאָך המבורג

אויסן זײַן

גיקומן...נאָך דעם איך י״ב שבֿועות בײַז אויזן גיוועזין״, גה, 257. „און די פּעטער [= פּאָטערס] פֿוןביידע זענען געשטאָרבן אין דער צײַט וואָס דער חכם איז אויסן געווען״, נחבֿ, ,מעשׂה בחכם ותּם'.

2. אַוועקפֿאָרן, אַנטלויפֿן. אַרכ. „איו בין גיריטין בשליחות משלש אַרצות, עש איז נון בערך ארבעה שנים, צו זוכין לייט דיא אוישן זיי פֿון אירי ווייבר״, שו״ת פּני יהושע, אַמשט 1715.

3. ניט אַרײַנקומען צו דער צײַט (וועגן געלט, חובֿ). „און דערפֿאַר וואָס דײַן געלט איז אַזוי לאַנג אויסן געווען, האָסטו הײַנט מער עשירות אין דער שיף, כּפֿלי כּפֿלים מער פֿון פֿריִער״, נחבֿ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'.

4. דריטפּערזאָניק. זײַן אין פֿאַרשיידענע ערטער (← אויסזײַן ב1). „דעם מענטשנס נשמה איז אויסן אין אַלע ווינקעלעך״, שע, ,כּתרילעווקער נשׂרפֿים'. ״און מען איז אויסן אין אַלע טעאַטערס, קאַפֿע־שאַנטאַנען,„ שע. „וואו איז מען דאָס אויסן געווען, ר, אורח?״,

קאָפּעלאָוו.

5. זיך פֿאַרמעסטן אויף (קעגן), זיך צילן אין עפּעס. *ער איז אויסן אויף מײַן לעבן = וויל מיך אומברענגען. „אַך ווען גויים...ניט מער ווערן אוישן אַז אויף געלט, נאָך איז מן מחויבֿ מחלל שבת צו זיין, פֿילייכט זיינן זיא אויף נפֿשות אַך אוישן“, לט1, 2/79. „מילא, בין איך אײַך דערויף ניט אויסן“, שע, טבֿיה.

אויסן זײַן — אַקוזוו. ← דפֿוו. (אין לד, אויך: האָב אויסן געווען). האָבן אין זינען (געדאַנק), האָבן בדעה, האָבן די כּוונה (בכּוונה). „מיין ליבּי קינדר, איך בין אַך ניט אויזן אײַך איין ספֿר מוסר צו מאכין אונ, צו שרייבּין„, גה, 4. „איין אמתער עדות איז אויסן מציל צו זײַן לײַט פֿון גזילות און צרות“, מס, משלי תּקע״ד, יד, 25. „„ציון בך כּל בּהמה ועוף חכמו', וואָס הייסט: בײַ דיר, כּנסת ישׂראל, זײַנען אַלע בהמות קלוג!... נישט דאָס בין איך אויסן„, [בײַ ממוס ספּעציעלער איר אופֿן אַרויסצוהייבּן, אַרײַנצוזאָגן]. דאָס בין איך טאַקע א'! = פֿוול בײַם אַרויסהייבּן עפּעס אָדער ווען מען איז מסכּים מיט אַ מיינונג. *ער איז אויסן ניט די הגדה, נאָר די קניידלעך = האָט אין זינען ניט קיין גײַסטיקן ענין, נאַר אַ פּראַקטישן

אינטערעס. וואָס איז דער פּסוק (די משנה) אויסן? = וואָס איז דער מיין, דער זינען פֿון דעם? *איו בּין גאַרנישט אויסן = האָבּ ניט קיין שום פּערזענלעכע צילן. *א, זײַן עמעצנס טובֿה = ווערן עמעצן העלפֿן.

אויסן זינען ווערן — אוטוו. ווער, בּין געוואָרן א, ז,. אַראָפּגיין פֿון זינען, ווערן משוגע. ,,מײַן ווײַבּ פֿון שבֿרי־לבֿ איז א, ז, געוואַרן,,, מסדר אגרת, תּקפּ"ה. ,,דיזע אומגליקלעכע נאַכריכט האַט אים פֿאַרנומען דעם קאָפּ אינגאַנצן, דאָס ער איז שיִער א, ז, געוואָרן", אמד, דאָס קינד אין וואַלד II, ווילנע 187.

אויסנטהאַלבּ —, אדוו, פּרעפּ. ארכ. מחוץ, אין דרויסן (פֿון) עפּעס. אליהו בּחור פֿאַרטײַטשט 'חוץ, — ,,אויזענטהאלבּ,,. שמות ד ריס, 1542.

אויסנטייל — דער, ־ן. דרויסנדיקער טייל, דרויסן. דער א, פֿון בּנין, שטאָט אאַ.

אויסניאַווקען, ~ניאַוקען — אוטוו & טרנז ־קע אויס; ~געניאַווקעט, ~ניאַוקעט. אויך מיט ז י ך. דזוו אויסמיאַוקען (זיך) ←.

אויסניאַנטשען — [צווייטע נון אויך ווייך] טרוו. ־טשע אויס, ~געניאַנטשעט. בּאַדינען, אַרומגיין אַרום אַ קינד בּיזן אויסהאָדעווען אינגאַנצן. ניאַנטשען אַ צאָל קינדער. א, אַלע קינדער פֿון דער משפּחה. א, (אַ דערוואַקסענעם, אַלטן מאַן) ווי אַ קינד. „סטײַטש, איך האָב [זי] אויסגעניאַנטשעט אויף מײַנע הענט“, ייִל, וועלט־לוח, אַדעס תּרמ״ג.

אויסניאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~געניאָרעט. 1. דזוו אויסנאָרען ←. „איך ניאָרע אויס דאָס אַנציגל“, קאָלאָמיי, מג. 2. אויסמאָרען, אויסמאָגערן, אויסהונגערן. „אַזאַ אָרעמער פּאַיאָק ניאָרעט נאָר אויס“.

אויסניאָרען זיך — ← דפֿוו. 1. דזוו אויסנאָרען זיך ←. 2. אויסמאָרען זיך.

אויסניאָרעניש — דאָס (די), ־ן. אויסמאָרעניש, אויטהונגערונג.

אויסניגונעז — [...ני'גענען] טרוו. ניגון אויס, ~געניגונט. אויסזינגען, אַרויסבּרענגען מיט אַ ניגון; אַרויסהייבּן בּײַם רעדן דורכן אַקצענטירן, צוגעבּן בּאַזונדערע בּאַטאַנונג; רעדן מיט בּאַשטימטער מעלאָדישקייט. „און דער פֿעטער...האָט אויסגעזונגען און אויסגעניגונט יעדעס וואָרט„, אַש, „טויט־אורטייל„. „דער

פוילישער ייִד האָט זײַן ייִדיש אויסגעניגונט“,
צײַט, טמז, 23 1959 I.

אויסניגונען זיך — ← דפֿוו. אויסזינגען זיך.

אויסניואַנסירן — טרוו. ־יר אויס, ~
ניואַנסירט. אַרויסבּרענגען ריכטיקע, פּאַסיקסטע
ניואַנסן (וואַריאַציעס, דינע אונטערשיידן אין
טאָן, קאָליר). א, דעם גרונטמאָטיוו פֿון אַ
מוזיקאַליש ווערק. א, די דעקאָראַציעס מיט
דער שטימונג פֿון דער פּיעסע.

אויסניוועלירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
ניוועלירט. אויסגלײַכן (האָריזאָנטאַל). א, דעם
פּלאַץ צו שפּילן טעניס. מאַכן גלײַך
געזעלשאַפֿטלעך, גײַסטיק.

אויסניוכען — טרוו. ־כע אויס, ~געניוכעט.
1. אויסשמעקן, אומעטום בּאַשמעקן (וועגן
הינט, חיות בּכלל, פּעיאָ וועגן מענטשן). א,
אַלע ווינקעלעך ווי אַ הונט. „דײַן הונט...האָט
אויסגעניוכעט יעדד שטיינדעלע אין גאַס,,,
אר, ,פֿאַרנאַכט'. 2. אויסגעפֿינען. א אַ סוד.

,

אויסניובּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אויסניוכען.

אויסניורען — טרוו. ־רע אויס, ~געניורעט.
אויך מיט ז י ך. דזוו אויסניאַרען (זיך) ←.

אויסניזוקן — [...ניזעקן] טרוו. ניזוק אויס,
~געניזוקט. צעשלאָגן, צעמזיקן. ,,דאָס איז
אַ שור המקעד, און ער האַט שוין ווער ווייס
וויפֿל מענטשן אויסגעניזוקט‘‘.

אויסניט(עווע)ן — טרוו. ניט(עווע) אויט,
~געניט(עוועט). 1. אויסקלאַפּן,
פֿאַרפֿעסטיקן מיט טשוועקעס, שטיפֿטן. א, בּרעטלעך,
זוילן אאַזוו. 2. אויסבּרוינען בּרויט בּײַם
בּאקן. וורך, אוקך. ‘‘דער שוסטער ניטעוועט
אויס זוילן און די שוסטערקע — בּרויט,,, פֿוול

אויסניינען

[= כּלומרשט דאָס זעלבּיקע איז ניט דאָס
זעלבּיקע].

אויסניטע(נע)ן — טרוו. ניטע אויס, ~
געניטעט. קינדער־לשון. זאָגן ניטע, ניין.
פֿאַרווערן פֿרעג ניט דעם טאַטן, ער ניטעט אַלץ
,,
אויס,,.

אויסניי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אויסנייען.

2. דאָס וואָס ווערט אויסגענייט אָדער
אויסגעהעפּט בײַ שטאָף־ אָדער לעדער־אויסאַרבעטונג
און איז אַ באַצירונג.
אויסנייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסנייען. געראָטענע, קונציקע
אַא א,.
אויסנייג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסנייגן. 2. אויסבייג, אויסקרימונג. א, פֿון
דער גראָדער ליניע.
אויסנייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָוער
רעזולטאַט פֿון אויסנייגן; אויסבייגונג,
אויסקרימונג*
אויסנייגן — טרוו. נייג אויס, ~גענייגט.
1. אויסבייגן, אויסדרייען אין אַ זײַט. א, די
שאַפּע זי זאָל דורכגיין דורך דער טיר.
2. איבערקערן (גלעזל, פֿלעשל),
אויסטרינקען ביזן דנאָ. „דאש כוס פֿון דיא ברכה
ביהעפֿט זיך צו דעם גוטן אונ ניט צום ביזן,
דרום זאלשטוש אויש טרינקן און אויש ניגן“,
עיון, 1/41. א, דאָס פֿלעשל ביזן לעצטן
טראָפּן, מג, מעג.
אויסנייזונג — די, ▯ען. פּר, ▯וקר.
אויסליידיקונג, אויסנאַרונג. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסנייזן. אויך: ־זעכץ.

אויסנייזן — טרוו. נייז אויס, ~געניַיזט.
אויסליידיקן, אויספּלייזן. אַרויסקריגן געלט (אויף געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע אופֿנים).
„ייִדן זענען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד...איז דאָך געדרונגען אַז [ייִדן] נייזן טאַקע אויס דעם קריסט„, קמ, 48 1865, No. „ערשט פֿאַר עטלעכע וואָכן איז אַהער געקומען דער גבאי פֿון צדיק...און האָט אויסגענייזט דאָס שטעטל", ייִפֿאָל, 3 ▯ 1882 I. אויך: ~נעזן.
אויסנייזעניש — דאָס (די), ־ן. אויסנאַרעניש, אויסליידיקונג. אַן א, אָן אַ בּרעקל יהדות.
אויסנייזער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
אויסנאַרער, אויסניצער. עקספּלואַטאַטאָר. „ מיראָיעדן (רוסישע אויסנייזער), גויאישע סוחרים, פּאָמיעשטשיקעס און נאָו פֿון אָנדערע קלאַסן [אויסניצערס]", ייִפֿאָל, 1882 ▯י 17.
אויסנייטיקן זיך — אוטוו. ־יק זיך אויס, זיך ~גענייטיקט. זיך שטאַרק נייטיקן אין עפּעס. ער נייטיקט זיך אויס אין אַ ריכטיקער עצה.
אויסנייטן — טרוו. נייט אויס, ~גענייט.
אַרויפֿצווינגען אַ צאָל טואונגען. ער נייט אונדז אויס אים אויסצופֿאָלגן.
אויסנייטראַליזירן — טרוו. ־זיר אויס,

~נייטראַליזירט. 1. מאַכן אַז עס זאָל ניט
געהערן צו קיין שום צד. א, אַלע ימען.
2. (כעמיע) מאַכן אַז זײַערסן און לויגן זאָלן
פֿאַרלירן זייערע אַקעגנדיקע אייגנשאַפֿטן און
ווערן אינערט.
אויסנײַנען — טרוו. ניין אויס, ~גענײַנט.
זאָגן ענדגילטיקן ניין (וועגן אַ צאָל זאַכן, ענינים
אאַ). א, אונדזערע פֿאָרשלאָגן, פּלענער. "מיט א,

אויסנייע◌ן

אַלץ האָט מען נאָך קיין זאַך ניט
דערגרייכט,,.
אויסנייעכץ — דאָס (ד◌), ־ן (־ער). 1. אַרבעט
פֿון אויסנייען. 2. אויסניי בּ2. ,,איר א, מיט
איר שטיקעכץ פֿאַרנעמט דאָס אויג", שע, לכּבֿוד
יוס־טן◌ I.
אויסנייען — טרוו. ניי אויס, ~גענייט.
1. אויסניצן (דעם גאַנצן אָנגרייט) פֿאָדעם
בײַם נייען. א, דאָס גאַנצע קנײַלכל פֿאָדעם.
2. אַ סד נייען; בּמשך פֿון אַ לאַנגער צײַט
אַרבעטן בײַ שנײַדערײַ. ,,וויי, וויי, וויפֿל
מלבּושים דער אַלטער שנײַדער האָט שוין

אויסגעניִיט". 3. אויסהאַפּטן, מיט פֿאָדעם
(פֿון פֿאַרשיידענע מינים, קאָלירן) מאַכן
באַצירונגען אויף שטאָף. „און די כלה האָט
אויסגענייט אַ נײַ תּפֿילין־זעקל, אַ מגן־דוד מיט
צוויי לייבן און מיט אַ קרוין פֿון אויבן, וואָס
מע האָט עס באַדאַרפֿט אָנקוקן אויף
חידושים„, שע, קליינע מענטשעלעך. „...זענען
געזעסן זעקס מיידלעך...און די אויגן זיך
אַרויסגענומען בײַם א, די קליינטשיקע רויזעלעך און
בלעטערלעך, אייגעלעך און הערצעלעך, וואָס
זיי האָבן אין לײַלעכער אַרײַנגעפֿלאָכטן", אַש,
תּהילים־ייִד.
אויסנייעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסנייען. קאָמפּליצירטע
אויס ▯ ייִאונג.
אויסנייער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסנייען (
דערעיקר ב3). זי האָט אַ שם פֿון אַן א'ין אַ
קינצלערין.
אויסנייערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט,
באַשעפֿטיקונג פֿון אויסנייער. זיך פֿאַרנעמען
מיט א'.
אויסנייקערן — טרוו. ־ער אויס, ~
גענייקערט. דזוו אויסניקערן←, אויסנעקרן ←.

אויסניכווען — טרוו. ־ווע אויס, ~געניכוועט. וורר. סל. דזוו אויסליכוועון ←.

אויסקרענקען. זאָל ער א, וואָס ער האָט צוגענומען פֿון מיר.

אויסניכטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסניכטערן (זיך). „אויך די א, וועט און מוז קומען“, שטריגלער.

אויסניכטערן — טרוו. ־טער אויס, ~ געניכטערט. אָפּט מיט ז י ך. 1. מאַכן ניכטער, אויס שיכּור. אַרײַנברענגען עמעצן (וואָס האָט צו פֿיל געטרונקען אַלקאָהאָלישן געטראַנק) צוריק אין נאָרמאַלן צושטאַנד. א, מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. “...האָט געבעטן ישובֿהדעת, בּיז דער קאָפּ וועט אים אַ בּיסל קלאָרער ווערן, וואָרעם ער פֿילט זיך שיכּורלעך היינט. נאָר ר, פּנחסל האָט אים זיך א, ניט געלאָזן“, יד, אבֿן נגף. „נאָכדעם ווי זיי האָבּן זיך אויסגעניכטערט, האָט מען אָנגעהויבּן דערפֿון צו שמועסן“, נחבֿ, 'מעשׂה ממלך וקיסר,.
2.ווירקן עמעצער זאָל זיך בּאַפֿרײַען פֿון שטאַרקן געפֿיל (תּאווה) אָדער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון אידייען (גלייבּונגען) וואָס שטערן צו דערזען דאָס רעאַלע. א, אים (זי) פֿון דער ליבּע, פֿאַרבּלענדעניש, סעקטאַנטיזם

אאָזוו פֿאַרשיידענע טרעפֿונגען...ניבטערן אויס

. „
אַלע פֿאַרשיכּורטע און פֿאַרטשאַדעטע“, לדבּ.
„די מלחמה האָט דעם מענטשן אויסגעניכ..

טערט, די רעוואָלוציע האָט אין זײַן
נינטערקייט אַרײַנגעגאָסן אַ שיכּרות פֿון רעוואָלט“,
שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער. „נאָר די צײַט
קען בּרענגען, ער זאָל זיך אַליין א'“, ספּ,
ייִדישער קאָלאָניסט. זיך א, פֿון איר כּישוף;
זיך א, פֿון פֿאַשיזם, קאָמוניזם אע. „בּײַם
פֿענצטער דרימלט מײַן נשמה און ניכטערט
זיך פֿון טאָג איצט אויס“, סעג, רעגינאַ.
3. ווערן אויס ניכטער, זיך אָנשיכּורן (זן).
„דער טיסיאַצקי איז גאַנץ פֿרי אַרײַנגעגאַנגען
צו דעם נגיד זיד א, מיטן שבּתדיקן שליש“,
ייִפֿאָל, 3 1881, No.
אויסניכטערניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסניכטערן (זיך).
אויסניכטערער — דער, ־ס. 1. ווער עס
ניכטערט אויס. 2. מיטל צום אויסניכטערן.
אויסנ(י)כפּהן — [...ניכפּען] אוטוו. נ(י)כפּה

אויס, ~געננ(י)כּפּהט. האָבּן (קריגן) די פּאַליקע, עפּילעפּסיע. אויסקרענקען, וואול.

אויסניסן — ניס אויס, ~גענאָסן (זן אויך: ~געניסט). אוטוו — מיטאַמאָל ניסן, אַ ניס טאָן. „דאָס קינד האָט אויסגענאָסן, די היץ וועט אם ירצה השם פּאַלן, עס וועט ווערן געזונט". [א, בײַ אַ קריזיס איז געווען אַ סימן אַז מע זאָל האָבּן גובֿר געווען די קראַנקייטן]. טרוו — מיטן ניסן אַרויסבּרענגען עפּעס פֿון דער נאָז. א, אַ בּרעקל בּרויט, דעם שמעק טאַבּעק אע.

אויסניסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניסן און אויפֿהערן, זיך בּאַפֿרײַען פֿון דראַנג צו ניסן.

אויסניערען — טרוו. ־רע אויס, ~געניערעט. אָפֿט מיט ז י ך. בּעס. רומ. דזוו אויסנאָרען ←. אויסשמירן. „ער האָט זיך אויסגעניערעט ווי אַ קוימענקערער„.

אויסניפּן — טרוו. ניפּ אויס, ~געניפּט. 1. אויסצופּן, אָפּבּרעקלען. א, אַ שטיק לעקעך. 2. אויסטרינקען טראָפּנווײַז. א, אַ גלעזעלע משקה. ← אויסנופּן.

אויסניץ — דער. מצ נבּ. 1. אַקט פֿון אויסניצן. כּסדרדיקער א, פֿון כּוחות. 2. פֿאַרבּרויך. אומפּראָדוקטיווער א, פֿון כּוחות.

אויסניצונג —־ די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסניצן. ריכטיקע, פּלאַנמעסיקע אאַ א'.
אויסניצן — טרוו. ניץ אויס, ~געניצט. פֿרגל:
אויסנוצן. 1. פֿאַרניצן, געבּרויכן אינגאַנצן
עפּעס (מאַטעריאַל, אָנגרייט). א, די גאַנצע
סחורה אויפֿן מלבּוש. „איך האָבּ נעכטן
אויסגעניצט די גאַנצע מעל, וועל איך הײַנט שוין
ניט קענען בּאַקן“.
2. אַרויסקריגן נוצן (אַ טובֿה) פֿוו עפּעס.
א, דעם פֿרײַנדס השפּעה צו קריגן אַ שטעל.
א, קרעדיט אויפֿצושטעלן אַ נײַ געשעפֿטל. א,
די גוטע געלעגנהייט, דעם צופֿעליקן שאַנס,
די שוואַכקייט פֿון דעם שׂונא אאַזוו. „דאָרט
וועט מען נאָר א, די ייִדישע שפּראַך, אָבּער ניט
אַרויסווײַזן צו איר קיין וואַרעמען געפֿיל“,
שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער. א, דעם
מאָמענט, די צײַט, אַ שעת־הכּושר, די יונגע יאָרן
(אאַ בּאַגריפֿן פֿון צײַט) — ניט דורכלאָזן די
פּאַסיקע צײַט עפּעס צו טאָן לטובֿת זיך אָדער
עמעצן. „וועלן זיי אפֿשר ניט א, אונדזער
בּיטערע צײַט און ניט פֿאַרקלענערן אונדזער
געצאָלט, אָז זיי וועלן דאַרפֿן האָבּן אונדזער

אַרבּעט“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. 3. ←
אויסנוצן בּ2.
אויסניצן זיך — . אוטוו. ← דפֿוו. פֿאַרניצן (פֿאַרשוועדן) אייגענע כּוחות (כּשרונות, מעגלעכקייטן אע). זיך א, אויף נאַרישקייטן און פּטרן יאָרן און כּוחות.
אויסניצעוודיק — אַדי. וואָס מע קען (לאָזט זיך) אויסניצן. א'ע מאַטעריאַלן.
אויסניצעוודיקייט — די (דאָס), ־ן. מעגלעכקייט אויסצוניצן; פֿעאיקייט אויסגעניצט צו ווערן. א, פֿון געוויסע אַרצן און מינעראַלן.
אויסניצעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געניצעוועט. דזוו אַוועקניצעווען ←.
אויסניצע־ן — דאָס (די), ־ן (־ע־). אויסניץ, אויסניצעניש (אויך מיט בּיטול).
אויסניצעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסניצן. „אַ לײַכטזיניק א, פֿון סחורה און געלט„.
אויסניצער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס ניצט אויס, עקספּלואַטאַטאָר.
אויסניצערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסניצער. עקספּלואַטאַציע.
אויסניצעריש — אַדי. וואָס איז ווי (בײַ)

אַן אויסניצער. אויסגערעכנט פֿאַר זיך. עקספּלואַטירנדיק.

אויסניצערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון (זײַן) אַן אויסניצער. פּלאַנמעסיקייט בײַם אויסניצן. עגאָאיסטישקייט.

אויסניקאָטי'נט — אַדי. נעאָל. באַפֿרײַט פֿון ניקאָטין. „א'ער טאַבּעק איז ווייניק שעדלעך" (1958).

אויסניקודן — [...ני'קעדן] טרוו. ניקוד אויס, ~געניקודט. אויסשטעלן די נקודות. א, דעם העבּרעאישן טעקסט פֿאַר די תּלמידים.

אויסניקורן — [...ני'קערן] טרוו. ניקור אויס, ~געניקורט. < ניקור, תּל, סנטה, מו/ בּ, אאַ. 1. אויסרייניקן (אויסווישן, אויסרײַבּן) די מילשטיינער. 2. אויסקלאַפּן, אויסהאַקן קאָרבּן אין אָפּגעריבּענע מילשטיינער.

אדיסניקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געניקלט. פֿאַרענדיקן באַדעקן מיט ניקל. א, כּלים, אינסטרומענטן אאַזוו.

אויסניקערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסניקערן.

אויסניקערן — טרוו. ־ער אויס, ~געניקערט. ← אויסנעקרן. 1. אויסוואָרצלען, אויסקאָרענייען, מעקר זײַן. א, אַלע שטעכיקע געוויקסן.

א, שלעכטע מידות. 2. אומבּרענגען, עוקר מן השורש זײַן. א, די בּוגדים. 3. צעשלאָגן, צעמזיקן. גוט א, עמעצן, ער זאָל אַהער מער ניט קריכן. 4. אויסטרייבּערן, מנקר זײַן. א, די אָדערן.

אויסנישטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ גענישטיקט. מאַכן עס זאָל קיין ווערט ניט האָבּן, עס זאָל זײַן נישטיק. א, אונדזערע בּ מיאונגען.

אויסנישטערן — אוטוו & טרוו. ־ער אויס, ~גענישטערט. אויסזוכן (אין אַלע ווינקעלעך); דורכטאַפּן פֿון אַלע זײַטן. א, (אין) אַלע שופֿלאָדן, (אין) אַלע בּאַהעלטענישן אע. טרוו — פּד, אויסליידיקן, פֿאַראָרעמען. „ אָנלערנען מוז זי אים, זי מוז אים אַזוי א', ער זאָל שוין מער קיין תּחית־המתים ניט קענען אויפֿשטיין,„ י. פּערלע, גילדענע פּאַווע.

אויסנישטשײַען

אויסנישטשײַען טרוו. ־טשײַע אויס, ~גענישטשײַעט. רוסיצ. מאַכן אָרעם, דערפֿירן צו אָרעמקייט, בּדלות שטעלן. „,...און [די קהל־פֿירער] לאָזן אַפֿילו ניט איבּער אויף דעד שטאָט קיין טאָרבּעס אויף צו גיין אין

די הײַזער, נאָך זייערע גראַבעזשן און [נאָך] א,
דעם עולם", ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות, No 6,
אַדעס, 1883. אָפּט מיט ז י ך =
פֿאַראָרעמט ווערן, אויסברענגען זיך ביז
אָרעמקייט. „ער האָט זיך אויסגענישטשעט אויף
חתונה מאַכן זײַנע טעכטער".
אויסנישטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
גענישטשעט. < פויל. סל. 1. אָפּניצן, פּטרן,
צו נישט מאַכן. א, גוטע קליידער און
מאַכן פֿון זיי שמאַטעס. 2. אומברענגען,
אויסראָטן. א, די פּאָקשיווע. „זאָלן זיי נאָר
זיך אָנהייבן מיט מיר — וועל איך זיי א'".
3. אויסנישטערן, אויסזוכן. „האָבן זיי
אויסגענישטשעט דערויף און דערונטער",
העשעלעס. 4 פֿאַראָרעמען. „דאָס שטעטל איז
.
אַצינד זייער געמיין, דער נאַבאָר האָט זיי נעבעך
אויסגעגישטשעט", ייִל, דאָס משלחת.
אויסנכנען — [...ניכנען, נעכנען] טרוו. נכנע
אויס, ~גענכנעט. < נכנע. מאַכן אינגאַנצן
אונטערטעניק. „די מאַכטיקע חיילות פֿון דעם
מלך האָבן אויסגענכנעט אַלע פֿעלקער אַרום
און אַרום".
אויסנלאָזן — לאָז אויסן, ~געלאָזן (אויך:

~געלאָזט). אַרכ. פֿטמ. טרוו — אויסלאָזן.
לאָזן פֿון דרויסן, מחוץ. דורכלאָזן, ניט
דערמאַנען. „וואַש...אין אונזרי קהילות...ניט
גיניטיג איז גיוועזן, דאש זעלבּיגי האָכּ איך אוישן
גילאזן„, לט1, 2/82. „חבֿרות וואָס האָבּן ניט
אויסנגעלאָזט קיין שום שיכט פֿון פֿאָלק„,
גאָלאָמבּ, אַ האַלבּער יאָרהונדערט יִדישע
דערציאונג. אוטוו — זײַן צעלאָזן. אָפּט מיט
ז י ך. „אַ מענטש וואָס מע זעט זײַן
גרויסקייט...מיט אַזוינע אומגעהײַערשע מופֿתים,
מיט אַזוינע עליות נשמה — זאָל זיך נאָר אַזוי
א"", גדולת ר, וואָלף, [יפֿ].
אויסנלאַנד — דאָס (מצ איר: ~לענדער,
~לאַנדן) פֿטמ. דזוו אויסלאַנד ←. „מע זאָגט
▯
אַז ער פֿאַסט דאָרט ניט קיין תּעניתים, אין
א"", חג, ישיבֿה.
אויסנליגן — דאָס[?] אַרכ. שלעכטער מצבֿ.
„גאָט דער אלמעכטג זול איטלכם זייו אויזן
לי[גן] וועגדן צו גוטן", פּראָגבּ, 10.
אויסנליגן — אוטוו. ליג אויסן, בּין ~געלעגן.
פֿטמ. לר. (זן אין 20. יה.). ליגן אין דרויסן,
מחוץ (הויז, לאַגער אע). „ער איז געקומען אין
מיטן נאַכט, דער האַרבּעריק איז געווען

פֿאַרשלאָסן און ער איז אויסנגעלעגן אונטערן
פֿרײַען הימל“ פֿמ

אויסנלייגן — טרוו. לייג אויסן, ~געלייגט.
← דפֿוו. 1. לייגן אין דרויסן, מחוץ (הויז, לאַגער אע). „דער שפּײַכלער איז געווען
פֿאַרפֿול, האָט מען זעקלעך תּבֿואה געמוזט א'.
2. דזוו אויסלייגן ←. א, די סחורה, מע זאָל
זי גלײַך דערזען.
אויסנליניע — די, ־ס. דרויסנדיקע ליניע.
אומקרײַז.
אויסנלענדער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־ס. פֿטמ.
דזוו אויסלענדער ←.

אויסנמאסן — [...נימעסן] טרוו. נמאס אויס,
~גענמאסט. מאַכן עקלדיק, דערווידער; אינ..
גאַנצן נמאס מאַכן. ער נמאסט מיר אויס דאָס
לעבן.
אויסנמעסטער — דער, ־ס. אַפּאַראַט, מכשיר
צו מעסטן די גרעב. פֿווב.
אויכנמשלען — [...נימשלען] טרוו. נמשל
אויס, ~גענמשלט. אויסדריקן קלאָר דעם

נמשל, די אידיי(ע), דעם צוגלײַך;
אַרויסבּרענגען דעם מוסר־השׂכּל. „דער משל איז אַזוי
קלאָר אַז מע דאַרף אים ניט א'“.
אויסנסתרן — [...ניסטערן] טרוו. נסתּר אויס,
~גענסתּרט. פֿאַרדעקן אין אַ מיסטעריע;
אויסדריקן אומקלאָר, מיט רמזים. א, דאָס
טאָגטעגלעכע מיט אומקלאָרע אָנצוהערענישן און
אָפּדאַכטענישן.
אויסנעבּעכן —. טרוו. ־עך אויס, ~
גענעבּעכט. אַרויסקריגן עפּעס דורך זײַן אַ
נעבּעכל, דורך אונטערטעניקייט, הכנעה.
אויסבּעטלען. א, אַ טובֿהלע, אַ הלוואה אאַ.
אויסנעבּעכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן זײַן אַ נעבּעכ(ל), אַ פֿאַרש ‏.יסענער.
„ווי נאָר ער וועט אַליין אָנהייבּן צו
פֿאַרדינען, וועט ער זיך א, און אָפּלאָזן דער
מאַמעס פֿאַרטעך„„ רייד.
אויסנעגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויס,
זיך ~גענעגלט. (שפּאַסיק) מאַכן זיך
מאַניקיר. „זיך אויסגעפֿריזירט, זיך אויסגענעגלט,
און אויסגעמאַליעוועט דאָס פּנים“, רייד.
אויסנעגע(נע)ן — טרוו. ־גע אויס, ~
גענעגעט. אויך מיט ז י ך. ← אויסנגע(נע)ן (זיך).
אויסנע־ונד(עווע)ן — [...נאַוועגאַ'ד(עווע)ן]

אַקוזוו. נע־ונד(עווע) אויס, ~גענע־ונד(עווע)ט.
אַרומוואַנדערן ווי אַ וואָגלער, אָן אַ היים.
אויסזײַן (אין אַ צאָל לענדער) און ניט געפֿינען
קיין רואָרט. א, אַ גאַנץ לעבן איבער דער
וועלט. א, אַ סך לענדער.
אויסנעזן — ← אויסנייזן.
אויסנעכטיקן — אַקוזוו. ־יק אויס, ~
גענעכטיקט. דורכנעכטיקן; זײַן אַ גאַנצע נאַכט
(אַ צאָל נעכט) אין אַ באַשטימט אָרט. „קוים
אויסגענעכטיקט די נאַכט, איז ער מיטן
באַגינען אַוועק פֿון אונדז". א, עטלעכע נעכט.
אויסנעם — אַדוו. פֿטמ. דזוו אויסנעמיק ←.
א, גוט, שלעכט, געראָטן אאַזוו. „ער האָט
דערכגעמאַכט עטלעכע יאָר א, שלעכט", בריוו.
אויסנעם — דער, ־ען. 1. אָקט פֿון
אויסנעמען. 2. אָפּרייד, תּנאַי. געדענק אונדזער
א'. ס'איז אַן (ניט קיין) א'. 3. דזוו
אויסנאַם ←. דאָס וואָס איז איינציק, אַנדערש,
יוצאמן־הכּלל. „ס'איז מיגלעך אַ זעלטענער א",
ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול. אַלע אָן אַן א'.
אַלע מיטן א, פֿון... 4. אויסערגעוויינטלעך
גוטע זאַך. אויסערגעוויינטלעך פֿײַנער מענטש.
אַזאַ געבעקס איז אַן א'. ער איז אַן א, (פֿון אַ
מענטש). 5. אויטמאַטערניש; אויסשעפּונג פֿון

כּוחות. אַרבּעטן בּיז אַן א', זן. *אָן אַן א, =
אויך: אָן אַן ענד.
אויסנעמיק — אַדי. 1. וואָס איז (ווי) אַן
אויסנעם. א'ער אויפֿטו. אַן א'ער פֿאַל. 2. ווי
אַן אַדוו — זייער (שטאַרק), אויף זייער אַ
הויכער מדרגה. א, שיין. „איז געווען א,

אויסנעמען

קלוג אין ענינים פֿון ערדישן לעבּן“, מוו,
היטלערס פּראָפּעסאָרן. 3. וואָס געמט אויס,
געפֿעלט; וואָס קאָן אויסנעמען. א'ע
פֿאָרשטעלונג.
אויסנעמיקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט פֿון קענען געפֿעלן. 2.
אויסערגעוויינטלעכקייט, אויסטערלישקייט.
אויסנעמלעך — אַדי. וואָס איז ניט לויס
דער נאָרמע, ניט לויטן כּלל (דורכשני).
אויסערגעוויינטלעך. א'ער פֿאַל, א'ע
שיינהייט, א'ע העלדישקייט. „אַן א'ע פֿירער־
פּערזענלעכקייט“, ש. בּיקל, טמז, 6 1961 I.
אויסנעמלעכקייט — די (דאָס), ־ן. נעאַל.
(ש. בּיקל). אויסערגעוויינטלעכקייט. אייגנשאַפֿט
צו זײַן אַנדערש (אַ סך בּעסער) ווי די נאָרמע.

אויסנעמס — דאָס, אבֿק. דאָס עפֿענען דעם
אָרון־קודש און אַרויסנעמען אַ ספֿר־תּורה
(צום לייענען אין דער תּורה בײַם דאַוונען).
← אויסנעמענס, אויסנעמעניש.

אויסנעמעכץ — דאָס, ־ן. מג. ← אויסנעם.

אויסנעמען — אוטוו. נעם אויס, ~גענומען
(אויך: ~גענעמען, פּר, מג). 1. שטאַרק
געפֿעלן ווערן, נושׂא חן זײַן. דער חתן (די כּלה)
האָט אויסגענומען. דאָס בוך (די
פֿאָרשטעלונג) נעמט אויס בײַם עולם. „בנימין מיט
סענדערלען האָבן זיך דאָ פֿאַרהערט און
ברודהשם שטאַרק אויסגענומען, נאָך מער ווי
געוואונטשן", ממוס, מסעות. „...ווי זײַן מאַשע
לערנט, ווי זי האָט אויסגענומען בײַם
דירעקטאָר", שע, אין שטורעם. 2. באַפֿרידיקן,
צופֿרידנשטעלן. "ס'קלינגט שיין זיי דאָס ליד
פֿון דײַן צער; וועסט זינגען אַ ליד אויך פֿון
שׂמחה — וועסט אויסנעמען בײַ דעם נאַר„,
אר, 'צוויי הערצער'. „דער קריטיקער ווייסט
אַז בײַם לעזער־עולם וועט ער א„ ווען ער וועט
דערנידעריקן יענעמס ווערק", שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער.

אויסנעמען — טרוו. ← דפֿוו. 1. נעמען ביזן
סוף. „איך נעם און נעם ליים פֿון גרובֿ אוו

קען ניט א,“. 2. מאַכן אַן אויסנעם; ניט אַרײַננעמען, עלימינירן. אַלץ אַרײַננעמען און נאָר איין זאַך א,. „אבּר איך וויל בּור [= פּאָר, צוערשט] אויז נעמן דען [פּונקט]„, בּר־יקר, סידור, איכנהויזן 1544, בּ/כ.

3. זיך אָפּ▯אָגן פֿון אַחריות פֿאַר עמעצן, עפּעס. „איך וועל שטיצן די מאַמען, אָבער די בּרידער נעם איך אויס“, רייד.

4. אָפּמאַכן, אויסרעדן געוני. א, אַ תּנאַי, באַדינג. „מע נעמט אויס בּרחל בּתך הקטנה (מיט אַ שטיקל ליכט) און מע באַקומט פֿאָרט די בּלינדע לאה„, שוו. „[איך האָבּ] דאָך אויז גינומין דאָז איך אין זייניר קוך קאכין מאג און, אין זיין ▯וינטר שטויבּ [= שטובּ] ג״כ זיין מאג„, גה, 319. „דאָ זאַלן זי פֿאַר איין (תּנאַי) אויז נעמן דז דש זעלבּיגי צדקה געלט זאַל אויך דען (דין) האבּן וויא מעשׂר געלט“, לט1, 1/42. „וואָרן פֿריִער האָט זי מיט אים אַ תּנאַי אויסגענומען אַז ער זאָל זי ניט פֿרעגן ווער זי איז, בּיז נאָך דער חתונה„, נחבּ, 'מעשׂה ממלך וקיסר,. „און אויסגענומען האָט ער מיטן פֿעניקס אַז ער, אויבּ ער וויל אייבּיק לעבּן, זאָל זיך פֿון צײַט צו צײַט רייניקן אין פֿײַער“, פּרץ.

5. געווינען (אין קאָרטן, לאָטעריי).
פּראָפּיטירן. א, דעם קאָן, דאָס גרויסע געווינס. „אַז מע שטעלט ניט איַין — נעמט מען ניט אויס“, שוו [= אַז מע ריזיקירט ניט, געווינט מען ניט]. „אויף דער מלכּה גרין נעמט מען אויך אַמאָל אויס אַ גרויסן קאָן“, שוו. „וויַיטער וואָלט איך געשיקט אין באַנק אַריַין אַ פֿרעג טון וויפֿל האָט אויסגענומען מיַין בילעט“, שע, דאָס גרויסע געווינס. „...איז שווערלעך צו גלייבן, נאַפּאָלעאָן זאָל זיך איצט ווערלן איַינלאָזן אין אַ קריג, ער שטעלט מער איַין ווי ער קען א'„, קמ, 6 .8 1862, No.
אַראָפּנעמען פֿון דעם געוואונענעם געלט פֿאַר עפּעס. בײַ שפּילן אין קאָרטן א, אַ צענט־חלק פֿאַר דער בעל־הביתטע. א, אַ צוואַנציקער פֿאַר צדקה.
7. אַרויסנעמען אַ ספֿר־תּורה פֿון אָרונקודש צום לייענען אין דער תּורה. „ט'. די שינה תּחינה זאָל מן מתפּלל זיין אלי שלש רגלים...ווען מן אויז נעמט“, נייאי תּחינות ובקשות פֿיורדא תק„ד [נוסח פֿון תּחינה

גופֿא, אָבער אין סימני התּחינות: ט, וואַש מ
אלי שלש רגלים זאָגט ווען מן אויש היבּט].
,,און אויך נעמט מען אויס די ספֿר־תּורה און
מע לייענט צען פּסוקים אין דער פּרשה פֿון
דער וואָך“, לט2, 1/24. *ניט לאָזן א, =
מעכּבֿ הקריאה זײַן פֿאַרן אויסנעמען = זיך
ווענדן מיט אַ טענה צום עולם איבּער אַן
עוולה מצד אַ יחיד אָדער קהל. ,,אַ צען מאָל
האָט מען נישט געלאָזט א', איידער מע האָט
צוזאַמענגענומען געלט אויף נײַ געהילץ,,, פּרץ,
,וואָס הייסט נשמה'.
8 פֿאַרנעמען, פֿאַרכאַפּן. אַרכ. ,,ווען איינר
.
טוט איין שׂררה [= אַמט, מאַכט] מיט חוצפּא
אויש נעמן...דערש מיט גיוואלד אונ, מיט
חוצפּא אויש נעמן טוט...“, עיון, 2/35.
9. אַרויסנעמען אינגעווייד פֿון אַ געשאָכטן
עוף. קאָלאָמיי. ,,נעם אַ גרעסער מעסער צו
עפֿע ע דאָס עוף און עס א',,.
1O. פֿאַרבּעטן מיטגיין זיך פֿאַרווײַלן און
צאָלן פֿאַר פֿאַרבּעטענע(ר, ם). אַמ. א, אין
טעאַטער, רעסטאָראַן אע. ,,אויבֿ אַ מיידל
געפֿעלט אײַך, נעמט איר זי אויס; אויבֿ זי נעמט
אויס בּײַ אײַך, נעמט איר כּסדר זי אויס“, רייד.

אויסנעמען — דער, לד; דאָס, פּד. מצ נבֿ.
דאָס אַרויסנעמען די ספֿר־תּורה פֿון אָרון־קודש צום לייענען אין דער תּורה. [אין א, גייט אַרײַן דער עצם מאָמענט פֿון פּתיחת־האָרון, דאָס אויפֿשטעלן זיך משום כּבֿוד־התּורה און דאָס זאָגן „ויהי בּנסוע האָרון...“. בּײַם א, טאָר מען ניט אַרויסגיין פֿון שול.] קומען אין שול פֿאַרן א', קומען נאָכן א.. „גלײַך נאָכן א, האָט מען דערהערט געשרייען און גוואַלדן“. „מילא, די תּחינה בּײַם א, האָט זי שוין געקענט אויסווייניק„, אר, 'ווײַבערשער שרעק'. „ יומכּיפּור פֿלעגן די ייִדישע ווײַבער בּרענגען זייערע פּיצלעך קינדער אין די שטובּן פֿון די גויים אין שכנות פֿון בּית־מדרש, מ'זאָל זיך קענען צוכאַפּן בּײַם א, [זיי] אָנזייגן“, פֿייגל פֿריד, צוק, 1957, XII. אויך: די גאַנצע צײַט פֿון לייענען די תּורה.

אויסנעמענדיק — אַדי. וואָס געפֿעלט, געפֿעלנדיק. „...כּדי אויסצוזען וואָס בּעסער און מער אויסנעמענדיקער„, נס, זבֿ צום זיג.

אויסנעמען זיך — ← אויסנעמען אוטוו.
1. אַויסשעפּן זיך, פֿאַרענדיקן זיך. יאָרן, כּוחות נעמען זיך אויס. געלט נעמט זיך אויס.

„אַ ברונעם נעמט זיך אויך אויס„, שוו. „ביז אין אַ העלן פֿרימאָרגן האָט זיך דער שירהשירים אינגאַנצן אויסגענומען“, אר, 'די לשון־קודשדיקע'.

2. אַרויסווײַזן זיך, אַרויסשטעלן זיך פֿאַר,

גלײַכן זיך. „געגוג שיין האָט דאָך אײַזיק דער שמיד די גאַנצע וואָך זיך אויסגענומען...ביי זיך אין דער קוזניע...“, ממו□ו, שלמה ר, חיימם. „אַ ווערק ווי 'דאָס קאַפּיטאַל', וואָס איז געוויס אין אַ סך פּונקטן „אמתער“ (פֿאַר אונדז) איידער אַ סך לערעס פֿון די נבֿיאים, נעמט זיך אויס לגבי זייער ווערק ווי אַ זאַמדבערגעלע, צונויפֿגעטראָגן פֿון קינדער ביי דעם פֿוס פֿון אַ מעכטיקן באַרג“, זשיט.

3. באַרימען זיך פֿאַר די ווײלער וועט די

„.

קהילה קענען זיך א': מיר האָבן געזאָרגט וועגן דער שול“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול.

4. זײַן אַן אויסנעם, אַ יוצא־מן־הכלל. “ד[א]רפֿשט דוא ניט...אויש שפּייאהן...דאש נעמט זיך אבר אויש, ווען דוא... אבר בריאה [האָבער־ברײַ] האשט גיגעסן“, עיון, 1/42.

אויסנעמעניש — דאָס (די), ־ן. 1.

פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסנעמען, אוטוו
טרוו. „אַזאַ מערכה, אַזאַ א, ווי אָט דאָס
ווײַבל האָט — מעגט איר ווינטשן אײַער
אייגענער טאָכטער!“, רייד. „וואָס איז דאָס פֿאַר
אַן א, וואָס דו ווילסט דאָ אויסרעדן? אָדער דו
ביסט מסכּים, אָדער ס'איז אויס געשעפֿט“,
רייד. 2. דזוו אויסנעמען, דער, אויסנעמענס.
„בשום אופֿן וועט איר בײַ אים נישט פּועלן,
ער זאָל אײַך לאָזן רעדן אַפֿילו שבת צו א'“,
שע, אָרעמע און פֿריילעכע II.
אויסנעמענס — דאָס. מצ נבֿ. פֿד. אוקר.
1. דזוו אויסנעמס; אויסנעמען, דער & דאָס ←.
2. די גאַנצע צײַט פֿון קריאת התּורה, לייענען
אין דער תּורה. „בײַם אויסנעמענס שטייען זיי
אויפֿן שולהויף און שמועסן וועגן פּאָליטיקע“.
3. די הפֿסקה צווישן שחרית און תּקיעות
ראָש־השנה און צווישן שחרית און מוסף
יום־כּיפּור. 4. אַדוו — בשעת, אין דער צײַט פֿון
אויסנעמענ(ס). „ייִדן דרייען זיך אין דרויסן
[בײַ] א'“, קמ, 25 1867, No.
אויסנעמער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס נעמט אויס, געפֿעלט דעם עולם.
אַ לץ אַן א'. וואו נאָר זי קומט איז זי די
א'קע. 2. קלײַבער פֿון נדבֿות, אַרויסקריגער

פֿון געלט. „אַ טייל זײַנען געקומען צו איר אַלס א'קעס און אַ טייל אַלס ווײַטע באַקאַנטע און הילפֿס־ביטנדע„, אמד.

אויסנעמעריש — אַדי. 1. וואָס האָט די אייגנשאַפֿט צו געפֿעלן, אויסצונעמען בײַם עולם. א'ע קאָמישע סצענקעס. 2. באַרימעריש, גרויסהאַלטעריש. א, פֿאַרריסן די נאָז.

אויסנעמערישקייט — די (דאָס), ־ן.
1. אייגנשאַפֿט אויסצונעמען בײַ אַן עולם.
2. באַרימערישקייט, גרויסהאַלטערײַ.

אויסנעם־צושטאַנד — דער, ־ן. דזוו אויסנאַם־צושטאַנד ←.

אויסנעמרעכט — דאָס, מצ — די. געזעץ אָדער סכום געזעצן וואָס באַשטימען רעכט אין

אויסנ יהחניש

ספּעציעלע צײַטן פֿון סכּנה אָדער פֿאַר ספּעציעל פּריווילעגירטער גרופּע; ספּעציעלע רעכטן וואָס אַ רעגירונג באַקומט צו פֿירן דאָס לאַנד, ניט אָפּהיטנדיק די נאָרמאַלע רעכטלעכע גאַראַנטיעס. געבן דער רעגירונג א, אויף דער גאַנצער צײַט פֿון דער מלחמה.

אויסנענדזען — טרוו. ־דזע אויס, ~

גענענדזעט. 1. לאָקל (בּענדין אאַ פּר). אויספּײַניקן, אויסמאַטערן. „דאָס קינד נענדזעט מיך אויס מיטן וויינען“. 2. אויסבּעטלען. פּד.

אויסנעסטן — טרוו. נעסט אויס, ~גענעסט. אָפּט מיט ז י ך. 1. מאַכן, פֿאַרגרייטן אַ נעסט. א, די נאָרע, אַ וואַרעמע היים. 2. גוט, בּאַקוועם אײַנאָרדענען (זיך). א, די גאַנצע משפּחה.

אויסנעפּלען — ־פּל אויס, ~גענעפּלט. אוטוו — פּלוצעם, מיטאַמאָל פֿאַרצויגן ווערן מיט אַ נעפּל. „אינדערפֿרי איז געווען זון, אָבער אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אויסגענעפּלט“. אויך מיט ז י ך — דער זעלבּיקער בּ. טרוו — בּאַדעקן מיט נעפּל, מאַכן אומקלאָר. „דער אָוונט האָט אויסגענעפּלט די געגנט“. „דער פּאָעט נעפּלט אויס זײַנע רייד“.

אויסנעצן — טרוו. נעץ אויס, ~גענעצט. מאַכן נאַס; דורכנעמען מיט פֿײַכטקייט, פֿליסיקייט. א, טיכער, לײַלעכער אאַזוו. *ווערן אויסגענעצט = שטאַרק בּאַרעגנט ווערן. „ אויסגענעצט ווערן איז בּײַ מיר קיין נײַס נישט געװען און פֿאַר דונערן שרעק איך מיך נישט“, פּרץ, 'צווישן צוויי בּערג'.

אויסנעצן זיך — ← דפֿוו. זיך בּאַנעצן בּײַם

משתּין זײַן (וועגן קינדער).

אויסנעקרן — [...נעקערן, ניקערן, נײיקערן] טרוו. נעקר אויס, ~געגעקרט. < נעקר. דזוו אויסניקערן ←.

אויסנערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסנערן. שפּײַז, באַשפּײַזונג.

אויסנערן — טרוו. נער אויס, ~גענערט. אויסשפּײַזן; פֿאַרזאָרגן מיט שפּײַז. „קען די נאַטור א אַלע באַשעפֿע▯.שן?“.

,

אויסנערן זיך — ← דפֿוו. קריגן גענוג שפּײַז; אויספֿיטערן זיך; ווערן פֿעטלעך נאָכן גוטן שפּײַזן זיך. „די בעל־הביתטע איז אַ קאַרגע און דו ועסט זיך דאָ ניט קענען א'“, דייד.

אויסנערעגן — טרוו. נערעג אויס, ~ גענערעגט. ← אויסנהרגן. פּפֿ: ~נעריקן.

אויסנפּאָסט — דער, ־ן. פֿאָרויסיקע פּאָזיציע (לגבי דער הויפּטליניע פֿון פֿראָנט). „בלויז איין ראָטע סאָלדאַטן האָבן פֿאַרטיידיקט דעם א„..

אויסנפֿיההן — [...נעפֿי'כען] נפֿיחה אויס, ~גענפֿיחהט. וואול. אוטוו — פּלוצעם, מיטאַמאָל אַרויסברענגען בויכווינט. טרוו —

עפּעס אַרויסבּרענגען וואָס זאָל דערמאָנען אין אַ נפּיחה. „דער אַלטער רעדט דען? ער נפּיחהט אויס אַ בּורטשע — און גיי פֿאַרשטיי אים!“
אויסנפּיהען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אַרויסלאָזן בּויכווינט און אויפֿהערן. דערפֿילן פֿאַרלײַכטערונג נאָכן בּויכווינט.
אויסנפּיההניש — [...נעפּי'כעניש] דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסנפֿיההן (זיך).

אויסנפּלען

אויסנפּלען — [...נייפּלען] טרוו. נפּל אויס, ~גענפּלט. מאַכן אַבּאָרט, אָפּטרײַבּן (גראָבּ).
אויסנסקהן — [...נאַפּקען] טרוו. נפּקה אויס, ~גענפּקהט. 1. קריגן, דערגרייכן עפּעס דורך זײַן אַ נפּקה, אַ זונה ◻ 2. וואול. האָבּן סעקסועלן פֿאַרקער מיט אַ צאָל. אויך: ~נפּקאן.
אויסנשטאָט — די, מצ — אויסנשטעט. טייל שטאָט לעבּן דער שטאָטישער גרענעץ־ליניע; וואוינאָרט הינטער דער שטאָטישער גרענעצליניע. לעבּן אין א'. אַ שיינע א'.
אויסנשטאָטיק — אַדי. וואָס איז בּײַ (מחוץ) דער גרענעץ־ליניע פֿון שטאָט. א'ע בּאַן־סטאַנציע.

אויסנשטאָטיקער — דער, מצ ־טיקע. וונ
~שטאָטיקע. ווער עס וואוינט מחוץ די
גרענעצן פֿון דער שטאָט (אין אַ פֿאָרשטאָט, אין
אַן אַנדער שטאָט).
אויסנשטאָטיש — אַדי. וואָס איז אין
אויסנשטאָט. וואָס איז אַזוי ווי, כאַראַקטעריסטיש
פֿאַר אויסנשטאָט, פֿאַר ניט־היגע. א'ע מאַנירן.
אויסנשטאָטישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויסנשטאָטיש.
חנעוודיקע, פּשוטע א'.
אויסנתנען — [...נאַ'סענען] טרוו. נתן אויס,
~גענתנט פֿונאַנדערגעבן, אויסטיילן (זאַכן,
.
מתּנות). אין פֿאַרשטעלטע רייד און איר.
אויססאָ(ו)סן — טרוו. סאָ(ו)ס אויס, ~
געסאָ(ו)סט. באַגיסן מיט סאָ(ו)ס, פֿליישזאַפֿט,
זוזע.
אויססאַזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~
געסאָזשעט. אויסשמירן מיט סאַזשע, מיט רוס.
אויסשוואַרצן. א, זיו ווי אַ קוימענקערער.
אויססאַטירעווען —. טרוו. ־רעווע אויס,
~געסאַטירעוועט. בײַז אויסלאַכן (אַ צאָל). א,
מאָדערנע פּאָעטן.
אויססאָטען — טרוו. ־טע אויס, ~געסאָטעט.

אוקר. 1. אַרויסנעמען וואַקס מיט האָניק פֿון
בינשטאָק. א, דעם בינשטאָק. 2.
אַרויסנעמען אינגעווייד. א, אַן עוף.
אויססאָכניען — טרוו. ־ניע אויס, ~
געסאָכניעט. אויך: ~סאָכען. אויסטריקענען,
אויסדאַרן. „די ברענענדיקע זון האָט
אויסגעסאָכניעט די ערד". א, ווי אַ שפּענדל. אין
קללות: אויסגעסאָכניעט זאָלסטו ווערן (ווי אַ
דאַרע וואַנץ, ווי אַ קינעלע).
אויססאָלאָפּען
— אַ אָפּען. וורר, אוקד.
וזוו. ־פּע אויס, ~
געסאָלאָפּעט. אויך:~סאַ
1. אויסגלאָצן (די אויגן). „ — און דו? —
פֿרעג איך בײַם צווייטן. יענער זיצט ווי אַ
בינעזישער אָפּגאָט, די אויגן אויסגעסאָלאָפּעט
און קוקט„, ש. גאָדינער, דער מענטש מיטן
ביקס. „ווי ער האָט אויסגעסאַלאָפּעט אַ פּאָר
אויגאַנעס, ווען ער האָט דערזען מײַן ראָכקען",
ש. סײַמאָן, צווײַגן. 2. אַרויסשטעלן (אַ צונג).
א, די צונג ווי אַ הונט.
אויססאַלוטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
סאָלוטירט. 1. מיטאַמאָל, פּלוצעם סאַלוטירן
עמעצן. זיך אויסציִען ווי אַ סטרונע און הויך

א,. 2. אָפּגעבן כּבֿוד, באַגריסן אויף אַ
מיליטערישן אופֿן אַ צאָל (אַלע). „שווער פֿאַר
אַ סאָלדאַט צו גיין אויפֿן בולוואַר, מע דאַרף
א אַלע אָפּיצערלעך“.
,

294

אויססאַליטרעווען — טרוו. ־רעווע אויס,
~(גע)סאַליטרעוועט. אויסרייַבן מיט סאַליטרע
סאַלעטער, שטיינזאָלץ. אַרײַנגעבן סאָליטרע
אוי .סאלעמיי ןשעז
— טרוו. ־דזשע אויס,
אי שפּיַז. א, א צונג בײַם אײַנפּעקלען.

~(גע)סאַלעמיידזשעט. אויסזינגען עפּעס
מאָנאָטאָן. אָפּזאָגן אויף גיך, אומקלאָר (
אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַרן הערער אָדער אומפֿאַרשטאַנען
פֿון ריידער). א, ווי אין תּיפֿלה.

אויססאָפּען, ~סאַפּען — ־פּע אויס; ~
געסאָפּעט, ~געסאַפּעט. אוטוו — מיטאַמאָל,
פּלוצעם אָנהייבן שווער, גיך און הויך
אָטעמען. טרוו — דורך סאָפּען עפּעס אויסדריקן;
אַרויסזאָגן עפּעס סאָפּענדיק. א אַ פֿאַרלאַנג.

,

א, שרעק. ״זי וואַר איין דיקע פֿרוי, האָט זי...
אויסגעסאַפּעט״, אמד, דער אומצײַטיקער באַזוך,
ווילנע 1879.
אויססאָפּען, ~סאַפּען זיך — אוטוו. ←
דפֿון. סאָפּען און אויפֿהערן. זיך אויסוויינען.
א, זיך און נעמען אַ צוקערקע.
אויססאָפּעניש, ~סאַפּעניש — דאָס (די),
־ן. פּראָצעס פֿון אויססאָפּען (זיך).
אויססאָציאַליזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~
סאָציאַליזירט. ביזן סוף פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכן
(צווײַגן פֿון ווירטשאַפֿט, אונטערנעמונגען אע).
א אַלע מיטלען פֿון פֿאַרקער. א, אויך קליינע

,

וואַרשטאַטן אאַזון.
אויססאַקאָטשען, ~סאָקאָטשען, ~
סאַקאָצען — ־טשע, ־צע אויס; ~
געסאַקאָטשעט, ~געסאָקאָטשעט, ~געסאַקאָצעט. וורר,

אוקר. סל. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן קוואָקען; אָנהייבן פּלאַפּלען. א, ווי אַ הון. טרוו — דורך קלאַנגען, ענלעכע צו קוואָקען, עפּעס אויסדריקן. א, אַ גאַנצע מעשׂה.

אויססאַקאָטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסקוואָקען זיך. אויספּלאַפּלען זיך.

אויססאַרגען — טרוו. ־גע אויס, ~ געסאַרגעט. פּד. אויסשמירן, אויסשמוצן, פֿאַראומרייניקן. א, די בגדים.

אויססאַ'רווערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געסאַרווערט. סאַרווערן, באַדינען, דערלאַנגען צום טיש ביזן סוף אָדער אַ צאָל (סעודות, מענטשן). א, די גאַנצע סעודה אויף דער חתונה. א, די געסט.

אויססאָרטירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויססאָרטירן (זיך). (אום)־ פּינקטלעכע א'.

אויססאָרטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־ סאָרטירט. אויסגרופּירן, אויסטיילן לויט מינים, סאָרטן. א, פּירות, אייער, פּראָדוקטן אאַזוו. „עס וואָלט געווען גוט, ווען עמעצער זאָל זיך געבן די מי...ה. לייוויקס לידער אויפֿצוזאַמלען און אויסצוסאָרטירן,„ שנ, ה. לייוויק.

אויססאָרטירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון

זיך (אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג) זיך צעטיילן לויט גרופּעס.

אויססאָרטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געסאָרטעוועט. דזוו אויססאָרטירן ←.

אויססאָרטעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו אויססאָרטירן זיך. „אַלע מענטשן וואָס ער קען, האָבן... זיך אויסגעסאָרטעוועט לויט דעם וואָס ער האָט געלייענט אין ביכל“, בערג, בײַס דניעפּער.

אויססוויטשען זיך

אויססבֿרהן — [...סוואָרען] טרוו. סבֿרה אויס, ~געסבֿרהט. אויסטראַכטן אַ סבֿרה, מיינונג, באַרעכטיקונג (בײַטעם פֿון ביטול). א, עפּעס וואָס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל.

אויססדרונג — [...סײַ'דערונג,...סאָ'דערונ]

די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויססדרן. „די פֿונאַנדערטיילונג און א, פֿון
מאַטעריאַל...איז כראָנאָלאָגיש“, שנ, פּרץ.
אויססדרן — [...סיידערן, לר:...סאַדערן, פּד,
אוקר] טרוו. סדר אויס, ~געסדרט. 1.
אויסשטעלן, אײַנשטעלן אין אַ ריי, לויט אַ סדר
(אויפֿן סמך פֿון אַ סימן). „טאַקי אַלץ וויא
גאָט האָטיס אויס גיסדרט פֿונם אָנהויב ביז
צים אויס לאָז„„ מס, קהלת, ג, 11. „און ווי
גלײַכער די הקדמות זײַנען אויסגעסדרט —
אַזוי פֿיל קלערער און בעסער ווערט די זאַו
וואָס קומט אַרויס פֿון די הקדמות“, חה.
„...זענען אַלע ברכות אויסגעסדרט און
אויסגערעכטעוועט“, יפּ. 2. אַרײַנבּרענגען
אָרדענונג. א, די געדאַנקען אין קאָפּ. “דער מענטש
סדרט אויס די מחשבֿות און השי„ת בשערט
אים דאָס רעכטי לשון דער צו“, מס, משלי
תּקע„ד, טז, 1. “דער באַראָן הירש... זאָל א,
די עמיגראַציע“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.
3. זאָגן נאָך דער ריי, זן. „אַלע וואָס זײַנען
מתפּלל זאָל ניט א, נאָר די תּפֿילה מיט זײַנע
לעפֿצן, נאָר ער זאָל זיי איבערלאָזן אין דעם
טראַכטונג פֿון דעם האַרץ“, קה.
אויססדרן זיך — ← דפֿוו. זיך (לאָזן)

אויסשטעלן אין אַ ריי, קומען אין אַן אָרדענונג. ,,גאַנצע מאָנאָלאָגן האָבן זיך אויסגעסדרט אין מײַן קאָפּ", נאָמ.

אויסס▯בלען — [...סויוולען] טרוו. סובֿל אויס, ~געסובֿלט. פֿאַרלײַדן, אַריבערטראָגן. ,,איך האָב גענוג געליטן פֿון אים, מער קען איך ניט א, זײַנע הינטישע שטיק", רייד.

אויססוד(י)ען — טרוו. סוד(י)ע אויס, ~ געסוד(י)עט. אויסמשפּטן, אַרויסקריגן עפּעס דורו פֿירן פּראָצעס(ן) אין געריכט. ,,עס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט און ער האָט אויסגעסודעט אַ שיבוש".

אויססוד(י)ען זיך ▯ אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. אויפֿהערן משפּטן זיך. ,,די צוויי שכנים קריגן זיך א▯ן משפּטן זיך און קענען זיך ניט א'".

אויססודען זיך — [...סוידע] אוטוו. סודע זיך אויס, זיך ~געסודעט. פֿאַרענדיקן סודען זיך; אויפֿהערן דערציילן זיך סודות; רעדן אין דער שטיל.

אויססוויטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געסוויטשעט. אוקר. 1. אויסבילדן, אויפֿקלערן, מאַכן פֿאַר אַ לײַט. ,,מע דאַרף זי א', אויסמענטשלען, אויסבילדן הייסט דאָס", שע,

בלאָנדזענדע שטערן. 2. אויספֿײַנען, אויסאײדלען. 3. מאַכן געניט. א, עמעצן אין װעלטישע זאַכן. 4. ליכטיק מאַכן. א, (אין) די אויגן.

אויססוויטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. ווערן געבילדעט, אויסגעאײדלט. „דער עולם קוקט אויף אים און גאַפֿט: זיך אויסגעסוויטשעט, גאָר אַ גאַנצער לײַט„, הר, הרודעס. 2. ווערן אַ שטיקל מענטש; אויסרײַבן זיך צווישן מענטשן. „לאָז אים אויך אַ ביסל אין דער וועלט אַרײַן צווישן מענטשן, וועט

אויססוויטשעניש

ער זיך א'", קאַלמוס, דאָס מעזיניקל, וואַרשע 1883.

אויססוויטשעניש — דאָס (ד), ־ן.
אויפֿקלערונג, בילדונג (ס'רובֿ איר). „ניט קיין א', נאָר אַן אויסשוויצעניש„.

אויססוויעט — כּלומרשטער נאָמען פֿון אַ שטעטל. ווש מיט אויס סוויעט, אויס וועלט. ער וואוינט אין א', אין דרערד אויפֿן דעק = אין אַ העק, ווײַט אַוועק, הינטערן שטעטל

(שטאָט).
אויססוויענטשען, ־צע(נע)ן — טרוו.
־טשע, ־צע אויס, ~געסוויענטשעט, ~
געסוויענצעט. אויסהייליקן, אויסשפּריצן מיט
הייליק וואַסער (וועגן קריסטן).
אויססווישטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געסווישטשעט. סל. דזוו אויספּײַפֿן. „די
שמשׂטעס פֿון ווײַבערשן בעדל...האָבן אים
אויסגעסווישטשעט„, ייִל, חסידיש ייִנגל, ווין 1921.
אויססוהרן — [...סויכערן] טרוו. סוחר אויס,
~געסוחרט. פּפּ: ~סהרן. אויפֿטאָן מיטן
זײַן אַ סוחר, דורך האַנדלען. „ער איז געוועזן
אַ באַנקקוועטשער און געבליבן אַ
באַנקקוועטשער. וואָס ער וועט שוין א,!“.
אויססוטען — טרוו. ־טע אויס, ~געסוטעט.
דזוו אויספּרייען ←.
אויססומירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
סומירט. אונטערציִען דעם סך־הכּל,
צונויפֿרעכענען. א, אַלע זײַלכעלעך אויף דער גאַנצער
זײַט.
אויססושען — טרוו. ־שע אויס, ~געסושעט.
סל. אויסטריקענען ←.
אויססהרן — [...סאַכערן,...סאַכרען] טרוו.
סחר אויס, ~געסחרט. פּפּ: ~סהרענען.

(סוחריש) 1. דזוו אויססוחרן ←. 2. אָפּקויפֿן פֿאַר אַ העכערן פּרײַז (אַ קאָנקורענט זאָל ניט קריגן). א, דעם וואַלד פֿון אונטער יענעמס נאָז. 3. גיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ נידעריקן פּרײַז (כּדי פּטור צו ווערן פֿון דער סחורה).

אויסססטאַטקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך אויס, זיך ~געסטאַטקעוועט. ווערן אַ סטאַטיק, אויפֿפֿירן זיך רואיק, אָנשטענדיק. „ קומען אין שטאָט, צווישן מענטשן, און זיך א,“.

אויסססטאַלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~(גע)־סטאַלירט פֿטמ. דזוו אויסדיסטילירן ←.

.

אויסססטאַלירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָפּזעצן זיך אויפֿן דעק, דנאָ.

אויסססטאַמפּן — טרוו. סטאַמפּ אויס, ~ געסטאַמפּט. דזוו אויסשטאַמפּן ← (אויך אין אַ צאָל ריידענישן וואָס היטן אָפּ דעם חילוק ש:ס).

אויסססטאַנעווען, ~סטאָנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~געסטאַנעוועט, ~סטאָנעוועט. (שנײַדעריש) מאַכן דער סטאָן זאָל זײַן בולט. א אַ דאַמ□סקן מאַנטל.

׳

אויססטאָנען — אוטוו. ־נע אויס, ~
געסטאָנעט. פּאָדאָליע, כערסאָנער גובּ,. סל.
אויסקרעכצן. א, פֿון ווייטיק.
אויססטאַרטשען —טרוו. ־טשע אויס, ~
געסטאַרטשעט. ← אויסשטאַרצן. בּולט
אויסשטעלן, אַרויסשטעלן. א, די בּאָקעס, די אויגן,
אַ פּאָר אויגן.

אויססטאַרײַען זיך — אוטוו. ־סטאַרײַע זיך
אויס, זיך ~געסטאַרײַעט. סל. דזוו
אויססטאַרען זיך.
אויססטאַרען — טרוו. ־רע אויס, ~געסטאַרעט.
אויך: ~סטאַרעווען. אויספּועלן, בּאַמיִען
זיך צו קריגן. (ס'רובֿ מיט ז י ך = פֿאַר
זיך). „מע מוז זיך מטריח זײַן... צו רעכט
מאַכן די פּאַפּירן, זיך א, די ליגאָטע„, שע,
עולם הבא'. „ער האָט זיך אויסגעסטאַרעט,
בּײַם גובּערנאַטאָר אָ סווידעטעלסטווע„, ספּ,
דער ייִדישער קאָלאָניסט.
אויססטאַרען זיך — ← דפֿוו. זיך בּאַמיִען;
זיך משתּדל זײַן. „איך וועל זיי מיט אַלע
מעגלעכקייטן פֿאַרטיידיקן נאָכן טויט און זיך
א, פֿאַר זיי אַ ווינקעלע אין גן־עדן“, ייִל,

פּוילישע ייִנגל, אַדעס, 1895.
אויססטויגן, ~סטויגעווען — טרוו.
סטויג(עווע) אויס, ~געסטויג(עווע)ט.
צונויפֿנעמען אין סטויגן, סטערדעס, קופּעס. א, היי, שטרוי. פּפֿ: ~סטאָגן.
אויססטופּען — טרוו. ־פּע אויס, ~געסטופּעט.
1. אויסקלאַפּן אין אַ סטופּע. א, מצה, מצהמעל, מצה־פֿאַרפֿעלעך. א, גאָגעלעך. 2. סתּם אויסקלאַפּן. א, די בּיינער.
אויססטוק(ע)ן — טרוו. סטוק(ע) אויס, ~ געסטוק(ע)ט. 1. דורך קלאַנגען (ענלעכע צו סטוק־סטוק עפּעס אַרויסבּרענגען. א, אַ מאַרש מיט אַ פּאָר העלצלעך אויף אַ בּרעט. 2. אויסקלאַפּן מיט פֿאַרבּויגענע פֿינגער, מיט אַ פֿויסט. א, די זײַטן.
אויססטורקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געסטורקעט. דזוו אויסטאָר(ק)ען, אויסטורקען ←.
אויססטידען — טרוו. ־דע אויס, ~ געסטידעט. אוקר (אין ייִדישע קאָלאָניעס). מאַכן צייכנס אויף בּהמות (אַ בּאַוואָרעניש קעגן צוגנבֿענען). א, די אָקסן.
אויססטײַען — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
סטײַעט אויס, ~געסטײַעט. זײַן גענוג, קלעקן.
עס וועט ניט א, פֿאַר אַלע(מען).

אויסשטעכעווען — טרוו. ־כעווע אויס, ~
געשטעכעוועט. אוקר. אויסבײַטן. א, אַ שמאַטע
אויף אַ שמאַטע.
אויסשטעמפּלען, ~סטעמפּלעווען —
טרוו. ־פּל, ־לעווע אויס, ~געסטעמפּלט, ~
געסטעמפּלעוועט. דזוו אויסשטעמפּלען (אויך אין
אַ צאָל ריידענישן וואָס היטן אָפּ דעם חילוק
ש:ס).
אויסשטעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע אויס,
~געסטעמפּעוועט. (שנײַדעריש) אויסנעצן (מיט
אַ שוואָם, מיט אַ נאַסן טוך) אַ מלבוש אָדער
אַ שטאָף פֿאַרן פּרעסן.
אויסשטערווען — ־ווע אויס, ~
געסטערוועט. אוטוו — אויספּגרן. די בהמות ווערן
א, פֿון הונגער. טרוו — 1. עפּעס קריגן דורך
זײַן זייער שלעכט. „אַ צויג סטערוועט אויך
אויס איר הינטיש לעבן“, רייד. 2. קריגן
מיט מאַטערניש, מיט דערנידעריקן זיך. א אַ
,
הנחהלע.
אויסשטערטעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געסטערטעוועט. ← אויססטויגן.
אויסשטעריליזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~סטעריליזירט. אינגאַנצן סטעריליזירן,

אויסרייניקן מיט קאָכיק וואַסער (אָדער אַנדער

אויססטראָ(נ)צלען

מיטל צו באַפֿרײַען פֿון באַצילן). א, די נאָדל
פֿאַר אַן אײַנשפּריצונג.
אויססטראַדײַען — טרוו. ־דײַע אויס, ~
געסטראַדײַעט. רוסיצ. אויסלײַדן. אַריבערטראָגן אַ
סך צרות, ווייטיקן. א, צרות פֿון (איבער)
עמעצן. „און וויפֿל דאָס יודנטום סטראַדײַעט
אויס דערפֿאַר אי בגשמיות אי ברוחניות„, ייִל,
פּוילישע ייִנגל, אַדעס, 1895.
סטראדלט. פּאַדאַליע. פּפּ: ~סטראָדל־
אויססטראַדלען
ן.
— טרוו. ־דל אויס, ~ג

-

דזוו אויססטראָנצלען, אויססטראָצלען (זיך) ←.

אויססטראַזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~
געסטראַזשעט. סל. אויסהיטן (אָפּט איר). “וואָס
סטראַזשעסטו אויס? די וואַנצן פֿון דײַן בעט
ועט קײנער ניט צוגנבֿענען„.
אויססטראַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געסטראַטשעט. סל. אויסגעבן, אויסברענגען
געלט. א, דאָס גרויסע געווינס.
אויססטראַטשען זיך — ← דפֿוו.
פֿאַרשווענדן אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט. א, זיך און
ניט האָבן מיט וואָס צו האַנדלען.
אויססטראָיעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויססטראָיען (זיך).
2. אָנשטעל, געקינצלטע פּאָזע.
אויססטראָיע(נע)ן — טרוו. ־סטראָיע אויס,
~געסטראָיעט. סל. 1. אויסבויען. „איך האָב
אויסגעסטראָיעט אַ מויער פֿון דרײַ עטאַזש
די הייך“, פֿל. 2. אײַנאָרדענען. א, אַ
וואַרשטאַט, א, די קראָם מיט פּאָליצעס. „איר
זאָלט אויססטראָיענען אָ הייל“, פֿמ. „א, אַ
ביקור־חולים“, קמ, 3 .25 l867, No.
אויסשטעלן אין ריי(ע)ן אויף אָ מיליטערישן אופֿן.
דער פֿעלדפֿעבל סטראָיעט אויס די ראָט, צום
פּאַראַד. 4. אויספּלאַנירן, אויסטראַכטן. א, ווי
עמעצן אָפּצונאַרן.

5. אויספּוצן, אויסצאַצקען. אָפּט מיט ז י ך. מע האָט אים אויסגעסטראָיעט ווי אַ חתן־בּחור. א, זיך ווי חוהלע צום גט. א, זיך אין עסיק און אין האָניק; א, זיו אין האָניק און אין קאָקעס, וואַרשע. „אַז דו ווילסט שפּילן אַ ליבּע, דאַרפֿסטו זיך זען א, אימת מות...דאָס קעלנערל שטעלן גלײַך אָרויף“, דלוגאטש, וועלט־מסודה. אויך איר, א, אַ צורה, א, גרימאַסן.

אויסשטראַכירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויססטראכירן.

אויסשטראַכירן — טרוו. ־כיר אויס, ~(גע)־סטראַכירט פֿאַרזיכערן אַ צאָל מענטשן אָדער

.

איינעם קעגן אַ צאָל פֿאַלן. א, עמעצן קעגן (פֿון) פֿײַער, גניבֿה און אַלע אַנדערע פֿאַרלוסטן. דער אַגענט פֿון דער לעבּן־פֿאַרזיכערונג האָט אויסגעסטראַכירט אַלע זײַנע בּאַקאַנטע.

אויסשטראַכירן זיך — ← דפֿוו. אויך: זיך בּאַוואָרענען, זיך אַרויסראַטעווען. „פֿון טויט קען מען ניט זיך א,,, שון.

אויססטראָ(נ)צלען, ~סטראָצן — טרוו. סטראַ(נ)צל, סטראָץ אויס; ~געסטראָ(נ)צלט,

~סטראָצט. אויספּוצן; אויססטראַיען בּ4.
אַנטאָן יום־טובֿדיקע מלבּושים. וגעוויינטלעו מיט
ז י ך, אַפֿט מיט איר בּײַטעם. אין לד ניטאָ].
זיך א, ווי א כלה צום שלייער־ווארעמעט.
אויססטראָצן (זיך) ווי אַן אַדעסיט. „זע נאַר ווי

אויססטראָ(נ)צ(ל)עניש

זי האָט זיך אויסגעסטראָצלט! אַ ריינע
פּרינצעסין!“, שע, אַלס־נײַ כּתרילעווקע.
אויססטראָנצלען (זיך) (איו פּד) ווי אַ ליאַלקע, ווי
צו דער חתונה.
אויססטראָ(נ)צ(ל)עניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויססטראָ(נ)־
צלען (זיך).
אויססטראַפּטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געסטראַפּטשעט. אויך: ~סטריאַפּטשען.
אויספּועלן, אויסכלאָפּאָטשען. א, אַ ל(י)גאָטע.
אויכסטראָצקען — ← אויססטראָנצלען.
„...אויסצוסטראָצקען אין ספּעציעל
אויסגעקליגלטע, צוגעפּוצטע מלבּושים“, לע, טמז, 1960
.X 24
אויססטראַשען — טרוו. ־שע אויס, ~
געסטראַשעט. אויסשרעקן, אָנשרעקן אַ צאָל

מענטשן אָדער איינעם מיט אַ צאָל מעגלעכע שטראָפֿן (אומגליקן). א, אַלע וואַנצן. א, מיט צוויי יאָר הענגען און מיט דרײַ יאָר שיסן. „מיט דעם וואָס מע וועט פֿון אָט דעם ייִדן אַוועקנעמען דעם נאָמען ציוניסט, וועט מען אים גאָרנישט א,“, בצג, טמז, 13 XI 1960. איר, א, די גענדז (אויפֿן וואַסער), א, די מײַז, די פּרײַסלעך, וואַנצן אע.

אויססטרויען — טרוו. סטרויע אויס, ~געסטרויעט. דזוו אויססטראָיען ←.

אויססטריגעווען — טרוו. ־געווע אויס, ~געסטריגעוועט. 1. דורכנייען מיט לאַנגע שטעך און בּיליקן פֿאָדעם (אויף דערווײַל, אין פּראָצעס פֿון אַרבּעט) פֿריִער סטריגעוועט.

מען אויס, מע פֿאַסט אָן און דערנאָך ערשט נייט מען. 2. אַרויסנעמען די פֿאַ(ר)סטריגעס, די פֿעדעם וואָס מע האָט אײַנגעסטריגעוועט.

אויססיאַדען זיך — אוטוו. ־דע זיך אויס, זיך ~געסיאַדעט. פּפֿ: ~שיאַדען זיך.

פּד. אויסזעצן זיך — וועגן עופֿות, פֿויגלען. די הינער האָבּן זיך שוין אויסגעסיאַדעט אין הינערשטײַג.

אויססיווען זיך — אוטוו. ־ווע זיך אויס,

זיך ~געסיוועט. סל. וורר. גרוי ווערן. פֿון
צרות סיוועט מען זיך אויס פֿאַר דער צײַט.
אויססיטען — טרוו. ־טע אויס, ~געסיטעט.
סל. קיִעווער קרײַז, פּאָדאָליע. אויסוו קלען.
א, פּאָדעם פֿון אַ קנײַלכל. *א, די קישקעס =
אַרויסשלעפּן, אַרויסציִען די קישקעס (בײַס

סטראַשען).
אויססײַד, אויססײַדער — אַמ. דזוו
אויטסײַד, אויטסײַדער ←.
אויססילוקן — [...סילעקן] טרוו. סילוק אויס,
~סילוקט. 1. אויסצאָלן. א, אַלע חובֿות; א,
ביזן לעצטן גראָשן. „נאָר אַז מע סילוקט אויס
במזומנים, ווערט מען מחותּנים“, שוו. 2.
פֿירהאַלטן פֿאָרוואַרפֿן. אויסמוסרן. גוט א, פֿאַר
אַזעלכע ווערטער.
אויססילען — טרוו. ־לע אויס, ~געסילעט.
אוקר. 1. פֿאַרענדיקן אַרויפֿציִען אויף אַ
שנירל (פּאָדעם). א, אַלע קרעלן אויף
עטלעכע שנירלעך. 2. אַראָפּנעמען, אַראָפּציִען פֿון
אַ שנירל (פּאָדעם). „די קרעלן זײַנען ניט גוט
אויפֿגעסילעט, מע דאַרף זיי א, און טאָן די

אַרבעט פֿונדאָסנײַ“.
אויססימולירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
סימולירט. 1. גוט, געראָטן, נאָכטאָן,

נאָכמאַכן. א אַלע גענגעלעך פֿון דעם אַקטיאָר.

2. דערגרייכן דורך סימולירן, שפּילן אַ
ראָלע. זיך מאַכן קראַנק און א, אַן אורלויב.
אויססינקעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געסינקעוועט. אַרײַנטאָן בלויעכץ, סינקע (בײַם
וואַשן וועש). א, וועש.
אויססיסטעמאַטיזירן — טרוו. ־זיר אויס,
(גע)סיסטעמאַטיזירט. ביזן סוף, אינגאַנצן
אײַנשטעלן לויט אַ סיסטעם, פּלאַן, שיטה. „ער
האָט נײַע געדאַנקען, אָבער ער האָט זיי ניט
אויססיסטעמאַטיזירט„, רייד.
אויססירכא(נע)ן, ~סירכה(נע)ן —
[...סירכע(נען)] טרוו. סירכא, סירכה אויס,
~געסירכאט, ~געסירכהט. געפֿינען אַ פּגם,
מום פֿעלער (אויף דער לונג אָדער בכלל

אין אַ געקוילעטער בהמה) און דערקלערן אַז
עס איז טריף. „אַז מע פֿרעגט אַ (קליינע)
שאלה, סירכהט מען אויס דעם (גרויסן)

אָקס“, שוו.
אדיססך־הכּלען — [...סאַכ(ה)אַ'קלען] טרוו. סך־הכּל אויס, ~געסך־הכּלט. אונטערציִען דעם סך־הכּל. אויסרעכענען רעזולטאַט(ן). „געשוויצט, אַרומגעלאָפֿן, און אַז מע האָט אויסגעסך־הכּלט — ווײַזט זיך אַרויס: קיין רווח איז ניטאָ„, רייד.
אויססככן — [...סכאַכן] טרוו. סכך אויס, ~געסככט. באַדעקן מיט סכך. א, די סוכּה.
אויססלאַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~ געסלאַפּעט. סל. וורר. < וור. אויסשטרעקן, אַרויסשטעקן, אַרויסרוקן פֿאָרויס (געווײנטלעך וועגן צונג). „ער האָט אַ טבֿע א, די צונג ווען ער טוט אַן אַרבעט“. דזוו אויססאַלאָפּען ←.
אויססלוזשען — אוטוו. ־זשע אויס, ~ געסלוזשעט. סל. אויסדינען (אין מיליטער). א, ניקאָלײַקען [= דעם רוסישן צאַר ניקאָלײַ].
אויססליאַדען — טרוו. ־דע אויס, ~ געסליאַדעט. סל. אויסשפּירן. נאָכגיין נאָך די סליאַדן, פֿוסטריט. א אַ חיה.
אויססלינ(י)עֶן — ־נ(י)ע אויס, ~ געסלינ(י)עט. אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצעם לאָזן

סלינע, שפּײַעכץ. „אַלטע לײַט זײַנען ווי עופּעלעך — זיי סליניען אויס“. טרוו — אַרויסגעבן, אַרויסבּרענגען עפּעס מיט דער סלינע פֿון מויל. א, אַ פּאָר ווערטער.

אויססל(י)עדעווען — טרון. ־עווע אויס, ~געסל(י)עדעוועט. סל. אויספֿאָרשן (ענין וואָס האָט צו טאָן מיט געריכט, עובֿר זײַן אַ געזעץ). א, עמעצן, א אַ פֿאַרבּרעכן.

אויססמאָטרעווען — טרוו́. ־עווע אויס, ~געסמאָטרעוועט. סל. בּיזן סוף אויפֿנעמען, בּאַקוקן, קאָנטראָלירן מיליטערישן פּאַראַד. „דער גענעראַל זיצט אויפֿן פֿערד, און סמאָטרעוועט אויס דעם גאַנצן פּולק וואָס מאַרשירט פֿאַרבּײַ“.

אויססמאָטשקען, ~סמאָצקען — טרוו. ־קע אויס; ~געסמאָטשקעט, ~געסמאָצקעט. 1. אויסזייגן (מיט הילכיקן קלאַנג פֿון ליפּן). א אַ בּיין, א, דעם מאַרך פֿון בּיין. 2. מיט בּאַוועגונגען פֿון ליפּן און קלאַנגען, ענלעכע צום סמאָטשקען, עפּעס אויסדריקן. זיך בּאַלעקן און א, די הנאה. 3. אויסקושן (

כיק), געוויינטלעך פּעיאָ. 4. אַרויסקריגן פֿון
עפּעס די פֿולע מאָס פֿאַרגעניגן. „ליגט [ער]
אַזוי אין זײַן געבויטער סוכּה אויפֿן טאַפּטשאַן
...וויל א, די מצווה פֿון 'לישבֿ בּסוכּה, בּיסקל
דעק, און כאַפּט אַ דרעמל נאָך די גוטע
קרעפּלעך“, זש, שקלאָווער קינדער.
אויססמאַליען

— ס עגען, לד. אויסבּרענען
וו. ־ליע אויס, ~
געסמאַליעט. פּפֿ: ~סמאַ
מיט אַ קליין פֿײַער, אָן אַ פֿלאַם. א, דעם
אויוון. א, אַ שטיקל פֿעל.
לעט. פּפֿ: ~סמאָלעווע אויס, ~
געסמאָ. אויסשמירן מיט
אויססמאָלען — טרוו. ־ל

סמאָלע. א, אַ שיפֿל.
אויססמאָקטשען, ~סמאָקצען, ~
סמאָקען — טרוו. ־טשע, ־צע, ־קע אויס; ~
געסמאָקטשעט, ~סמאָקצעט, ~סמאָקעט. דזוו
אויססמאַטשקען ←.
אויססמאַקעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~

געסמאקעװעט פֿאַרזוכן אַ צאָל מאכלים און
-
.
אַרויסװײַזן הנאה דערבײַ. א, דעם באָרשטש
און דאָס געבראָטנס.
אויססמאַקעװען זיך — אוטװ. ← דפֿװ.
הנאה האָבן פֿון עפּעס געשמאַקס אָדער שײנס.
א, זיך מ י ט אַ מאכל, מיט אַ נײַעם בגד.
אויססמאַקען — טרװ. ־קע אויס, ~
געסמאַקעט. פּפֿ: ~סמאָקען. דזװ
אויססמאָטשקען ←, אויססמאַקעװען ←. „אויסלעקן
דעם
הימל װי אַ טעלער כמאַרעדיקע דראַליעס
און א, פֿון װעלט דעם אָפּגעשקראַבעטן ביין„,
פּמ, קופּע.
אויססמאַרעװען — טרװ. ־רעװע אויס,
~געסמאַרעװעט. גאַליציע. אויסשמירן מיט
פֿעטס אָדער שמוץ. א, די רעדער פֿון װאָגן.
אויססמאָרען — ־רע אויס, ~געסמאָרעט.
אוטװ — 1. אויסכראָפּען. 2. מיטאַמאָל,
פּלוצעם אַרויסברענגען אומקלאָרע קלאַנגען מיט
ליפּן, נאָז. „דאָס פֿערד הייבט אויף דעם קאָפּ
פֿון דעם האָבער און סמאָרעט אויס“. טדװ —
עפּעס אויסדריקן, אַרויסברעגגען דורו
סמאָרען. א, פֿאַרגעניגן.

אויססמאָרען, ~סמאַרקען, ~
סמאָרקען — טרוו. ־רע, ־קע אויס; ~געסמאָרעט,
~געסמאַרקעט, ~געסמאָרקעט. אויסשמירן
מיט אויסשיידונג פֿון נאָז (מיט שפּײַעכץ, מיט
עפּעס פֿײַכטס און ברודיקס). א, די קאַפּאָטע.
א, זיך דאָס פּנים.
אויססמאַרקען, ~סמאָרקען זיך —
אוטוו. ← דפֿוו. זיך אויסשנײַצן די נאָז
(גראָבלעך). „מיש זיך ניט אַרײַן ווען עלטערע
רעדן. גיי, סמאַרקע זיו אויס“.
אויססמאַרקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויססמאַרקען (זיך).
אויססמונג — [...סאַמונג] די, ־ען. פּראָצעס
פֿון אויססמען. קאַלטבלוטיקע, סיסטעמאַטישע
א..
אויססמיאַלעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געסמ אַלעוועט. סל. צוגעבן מוט; העצן מע זאָל
י
זיך אַקעגנשטעלן. א, זיך מיט אַ גוטן טרונק
בראַנפֿן.
אויססמיל(י)עווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געסמיל(י)עוועט. אוקר. סל. אויסשמירן,
אײַנרײַבן (מיט וואַקס). א, די פּאָדלאָגעס.

אויססמיקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געסמיקעט. אויססקריפּען, שלעכט אויסשפּילן אויף
אַ פֿידל. א, אַ מאַרש.

אויססמען — [...סאַמען] טרוו. סם אויס, ...,
געסמט. אומבּרענגען דורך אײַנגעבּן סם, גיפֿט.
א אַלע מײַז.

,
אויססמענדזען — טרוו. ־דזע אויס, ~
געסמענדזעט. פֿפּ: ~סמענדזשען. לאָקל סאָ
ניק און אומג,, גאַליציע). סל. אויספּרעגלען
(פּעיאָ בײַטעם, אָנדײַט אויפֿן ריח אָדער רויך
בײַם פּרעגלען). א, קאָטלעטן.

אויססמערגלען — טרןו. גל אויס, ~
געסמערגלט. לר אויספּרעגלען, (מיט אַ רויך,
לע שלעכטו ריח). א, חלבֿ. פֿפּ: ~
שמערמ
.
יט

אויססמערגען — טרוו. ־גע אויס, ~
געסמערגעט. מג, מיטן־גאַליציע. אויסשמירן,

אויסמאַרקען. א אַ מלבוש מיט בלאָטע.

,

אויסמערען — טרוו. ־רע אויס, ~
געסמערעט. אוקר. 1. אויסלערנען בייזע חיה צו זײַן
מילדער (ניט צו באַפֿאַלן). א, אַ טיגער.
2. (מיט גוואַלדמיטלען) אײַנשטילן. א, די
בונטאָװשטשיקעס, די מורדים.
אויסמראַדען, ~סמראָדען — טרוו. ־דע
אויס; ~געסמראַדעט, ~סמראָדעט. סל.
אויסשטינקען. דער באָק סמראָדעט אויס דעם גאַנצן
הויף.
אויסעגרעגירן — טרוו. ־גיר אויס, ~
סעגרעגירט. אויסטיילן, אויסקלײַבן, אויסאָרטירן,
אָפּזונדערן. [געניצט דערעיקר אין דער
חורבןתקופֿה.] א, צום טויט; א, אויף טויט. א,
אויף אַרבעט.
אויסעכנען — טרוו. ־נע אויס, ~געסעכנעט.
דזוו אויסאָכניען ←.
אויסע'כערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געסעכערט. אויסטריקענען פֿענעצלעך ברויט, מאַכן
סוכאַרעס. „אַז מען איז געפֿאָרן קיין
אַמעריקע, האָט מען אויסגעסעכערט אַ זאַק ברויט
און מיטגענומען מיט זיך וואָס צו עסן„, רייד.
אויסעליטרעווען — טרוו. ־עווע אויס,

~(גע)סעליטרעוועט. דזוו אויססאַליטרעוועז ←.
אויססעלעקציאָנירט — אַדי. או
סגעקליבן [געניצט אין נאַצי־תּקופֿה פֿאַר די וואָס
ווערן אויסגעקליבן געשיקט צו ווערן אין די
אומקום־לאַגערן]. א'ע מענער און פֿרויען.
אויססעלעקציאָנירן — טרו1. ־ניר אויס.
~סעלעקציאָנירט. 1. ענדגילטיק אויסקלייַבן.
2. אויסקלייַבן אויף אומצובּרענגען (← דפֿוו).
אויססע'מערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געסעמערט. וורר, אוקר. 1. אויסלייגן,
אויסשטעלן סחורה אויף אַ געשטעל (בּיי אַ
יאָרמאַרק). 2. אויספֿאַרקויפֿן סחורה פֿון אַ
געשטעל. א, פּיסנע פֿערדעלעך.
אויססעקורירן — טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־
סעקורירט. אויססטראַכירן ←.
אויססערווירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
סערווירט. אויסלייגן אין טעלער(ס) און
דערלאַנגען. אויססאַרווערן ←.
אויססּפּאַזמירן — אוטוו. ־יר אויס. ~(גע)־
ספּאַזמירט. פּלוצלינג אָנהייבן האָבּן
ספּאַזמעס, קאָנוואולסיווע צוניפֿציאונגען פֿון
מוסקלען (כּײַ אַ היסטערישן אָנפֿאַל אע). א, בּײַ
אָן אָנפֿאַל פֿון עפּילעפּסיע.

אויסספּעציאַליזירן — טרוו. ־יר אויס,
~ספּעציאַליזירט. אָפּט מיט ז י ך. אײַנגאַנצן
פֿאַרפֿולקומען אויף אַ געוויס פֿעלד, מאַכן
פֿאַר אַ מומחה אויף אַ באַגרענעצטן טייל פֿון
אַ וויסנשאַפֿטלעכן אָדער טעכנישן געביט.
(זיך) א, אין גינעקאָלאָגיע, אין נאָכמאַכן
אונטערשריפֿטן אאַזוו.
אויסספּעקולירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
ספּעקולירט. אויפֿטאָן, דערגרייכן עפּעס דורך
ספּע▯ולירן. אויסטראַכטן, אויסגעפֿינען המצאה.
א, אַ העכערן קורס.
אויסספּראַוועז זיך — אוטוו. ־ווע זיך אויס,
זיך ~געספּראַוועט. פֿטמ. סל. 1. זיך געבן
אַן עצה. איבערשטײַגן. דזוו איספּראַוועז זיך.
2. זיך אָפּרעכענען מיט עמעצן. נישקשה,
איך וועל זיך א, מיט דיר.
אויססקאָוויטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~(גע)סקאָוויטשעט. פּפֿ: ~סקאַוואוטשען,
~סקאָוואוטשען. אויסוויינען (וועגן אַ
הונט אַדער ווי בײַ אַ הונט) עפּעס. די צויג
סקאָוויטשעט אויס אַ ביין. מיט ז י ו —
סקאָוויטשען און אויפֿהערן.

אויססקאַליעטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געסקאַליעטשעט. סל. אָפּט מיט ז י ך. 1. דזוו
אויסקאַליעטשען ←. 2. מאַכן (זיך) אַ
קליינע וואונד, (זיך) ווײ טאָן. ,,דאָס קינד איז
געפֿאַלן און זיך אויסגעסקאַליעטשעט ביידע
קני‘‘.
אויססקאַל(י)ען — ־ל(י)ע אויס, ~
געסקאַל(י)עט. סל. אַקוזוו — אַרויסשטעלן,
אויסשטשירען (די ציין). דער הונט סקאַליעט אויס
די ציין. טרוו — אויסהאַקן. א, קינעלעך צו
מאַכן אַ פֿײַער.
אויססקאַסירן — טרוו. ־יר אויס, ~
געסקאַסירט פּטמ. אינגאָנצן אַפּשאַפֿן, אַנולירן א
.
דעם פּסק־דין, די שטראָף אע.
קו'לפּטאָרן
— טרוו. ־סאָר א :פּטו'רן.
סקול
אויסס   יס, ~
געפּטאָרט. נעאָל. פּפּ: ~סקו
אויסהאַקן, אויספֿורעמען פֿיגור. ,,מע האָט
שע געצן‘‘, טמז. אויד: ~סקולפּ ירן. ,,אַ
אויסגעסקולפּטאָרט אַ יעזוס אַלאַ די

אפֿריקאַניבאַרימטער סקולפּטאָר האָט [עס]
אויסקולפּטירט", דא, פֿאָר, 1961 ו9 I.
אויסקיצירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
סקיצירט. אויסמאָלן אין אַלגעמיינע שטריכן.
אָנוואַרפֿן די גרונטליניעס פֿון אַ פּלאַן. א,
אַ פּראָיעקט; א, ווי די בינע דאַרף אויסזען.
אויססקליאַרעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געסקליאַרעוועט. פּר. מאַכן פֿע ו, מע זאָל
אויסזען גוט דערנערט. א, אַ כּלה־מיידל, די
קינדערלעך.
אויססקליאַרעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
ווערן פֿעט, פֿוללייַביק; אויסזען גוט דערנערט.
,,נאָך דער חתונה האָט זי זיך
אויסגעסקליאַרעוועט, געוואָרן אַ מאַדאַמע,,, רייד.
אויססקל(י)עפּעווען, ~סקליעפּעיען —
טרוו. ־פּעווע, ־פּעיע אויס; ~געסקל(י)עפּעוועט,
~געסקליעפּעיעט. פּר. אויסבויען,
אויפֿשטעלן געוועלב, דאַך, סופֿיט אין פֿאָרעם פֿון
אַן אַרקע.
אויסקראָבע(נע)ן — טרוו. ־בע אויס,
~געסקראָבעט. אויסקראַצן (מיט נעגל,

מעאויסעט

סער, העלצל, מכשיר). א, די מולטער, די פּאַן
אע. פּפֿ: ~שקראָבען.
אויסקרוכען — טרוו. ־כע אויס, ~
געסקרוכעט. פּטמ. סל. מאַכן אויפֿציטערן;
אויסשרעקן. א, מיט מעשׂיות וועגן מתים.
אויסקריטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געסקריטשעט. סל. עפּעס אַרויסברענגען מיטן
קריצן פֿון ציין. א, כעס אע.
אויסקריפּע(נע)ן — ־פּע אויס, ~
געסקריפּעט. אַנטוו — מיטאַמאָל, פּלוצעם אָנהייבן
סקריפּען. די טיר האָט אויסגעסקריפּעט בײַם
עפֿענען זי. טרוו — עפּעס אויסשפּילן,
אַרויסברענגען מיט סקריפּעדיקע קלאַנגען.
„[אים] האָט ער פֿאַר דער צײַט קוים
אויסגעלערנט אויסצוסקריפּען אַ פּאָר ניגונימלעך“,
ב􏰀רג, בײַס דניעפּער II.
אויסראַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געסראַטשעט. פּד. אויך מיט ז י ך. אויסדאָסן. וואול.
אויסראַל(􏰀)ען —. טרוו. ־ל(י)ע אויס, ~
געסראַל(י)עט. לאָקל (סאָניק און אומג', גאַליציע).
סל. אויסדאָסן. וואול.
אויסרהע(נע)ן — [...סאַרכע(נע)ן] טרוו.
סרחע, סרחן אויס; ~געסרחעט, ~סרחנט.

אויך מיט ז י ך. אויסשטינקען, א, די שטובּ.
אויססרכאַן, ~סרכהן [...סאַרכען,...
סערכען] טרוו. סרכא, סרכה אויס; ~געסרכאַט,
~סרכהט. דזוו אויססירכאַן ←.
אויססרסרן — [...סאַרסערן] טרוו. סרסר אויס,
~געסרסרט. אויספֿירן די אַרבעט פֿון אַ
סרסר, מעקלער, פֿאַרמיטלער. א, אַ געשעפֿטל.
אויססרעזשען □.־ טרוו. ־זשע אויס, ~ג□ י..
סרעזשעט. אויך: ~סרעזען. סל. דורכוואַרפֿן
בײַ עקזאַמענס אַ צאָל (אַלע). א, אַלע
עקסטערניקעס.
אויסעגבערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געעגבערט. אויסבויערן, אויסדרילן. פֿאַרענדיקן
מאַכן אַ לאָך מיט אַן עגבער. א אַ לאָך פֿיג:

, .

א, דעם קאָפּ מיט רייד (ווילדע אָנכאָטן אע).
אויסעדותן — [...איי'דעסן] טרוו. עדות אויס,
~געעדותט. צוזען ווי אַן עדות. „מיר וואָס
האָבן איבערגעלעבט און אויסגעעדותט די אַלע
רשעותן — מיר זײַנען מחויבֿ זיי צו פֿאַר
שרײַבן“, רייד. מיט ז י ך — נעמען פֿאַר אַן
עדות. א, זיך מיט עמעצן.
אויסעדערן — טרוו. ־ער אויס, ~געעדערט.
פּר. 1. אויסאָדערן ←. 2. אויספּײַניקן. „ער

וועט פּאַסן פֿון אונדז רײַסן! א, וועט ער אונדז!“ 3. אויסנודיען (מיט מאָנעניש), דערגיין די יאָרן. „דער יונג, ער וועט אײַך א„ בּיז ער קריגט זײַנס“.

אויסעוולהן — [...אַוולען] טרוו. עול(ה) [אַוול, אַוולע] אויס; ~געעוול(ה)ט. פֿטמ. טאָן עוולות, בּאַעוולען אַ צאָל מאָל. „דער שטאַרקערער עוולהט אויס דעם שוואַכערן“.

אויסעוֹקרן — [...אויקערן] טרוו. עוֹקר אויס, ~געעוֹקרט. ← אויסנעקרן. אויסוואָרצלען (נאָר וועגן אַ מענטשן). רודפֿן עמעצן און אים א.. קללה: אויסגעעוֹקרט זאָלן זיי ווערן!

אויסעזותן — [...אַזעסן] טרוו. עזות אויס, ~געעזותט. אַרויסקריגן עפּעס מיט עזות, חוצפּה. א, צו זײַן דער דעלעגאַט.

אויסעט — קאָנוורבּ. קומט בּמקום א ו יס אין פֿאָלקסטימלעכן אופֿן רעדן (זייער אָפֿט אין

אויסעטעמונג

לד, אויך אין אוקר, זעלטענער אין פּד), ספּעצ בּײַם סוף פֿון זאַץ, פֿאַר אַ פּאַוזע און אין פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿאַלן, ווען דער איבּעריקער טראַף העלפֿט מאַכן ריטמישער די רייד.

„ס'איז בײַ זיי ניט קיין קוואַל...אַ ברונעם
נעמט זיך אויך אויסעט‟, שע. „און בעטן אים
אויסעט מיט שטראַלן און שײַן, באַקוועמער
זאָל זײַן אים צו זיצן‟, אר, ,דער
פֿאַרבלאָנדזשעטער מלאך'. „שניי גלײַכט א, באַרג און
טאָל, ערד און הימל ווערט באַהעפֿט‟, בראָד,
אַלדאָס גוטס.
אויסעטעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסעטעמען.
אויסעטעמען — טרוו. עטעם אויס, ~
געעטעמט. דזוו אויסאָטעמען ←.
אויסעיפּושן — [...איפּעשן] עיפּוש אויס,
~געעיפּושט. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסגעבן
שלעכטן ריח. „ווער האָט דאָ אַזוי
אויסגעעיפּושט? — מסתּמא אַ טכויר‟. טרון —־
אויסשטינקען פֿאַרשטינקען. א, די גאַנצע
,
שטוב מיט מאַכאָרקע.
אויסעלטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געעלטערט. 1. מאַכן אַלט, עלטער. די חולאת
עלטערט אים אויס. 2. האַלטן אַ לאַנגע צײַט
(ביז עס ווערט בעסער). א, ביר, ווײַן אע.
*א, אַ קרענק = ליגן אַ לענגערע צײַט אין
בעט מיט אַ קראַנקייט.

אויסעלטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. דזוו
עלטערן זיך. א, זיך אין נחת און אין פֿריידן.
2. ליַדן פֿון דער עלטער. ,,ער האָט זיך שוין
גאָר אויסגעעלטערט, ער איז כּמעט עובֿר
בּטל‘‘. ,,גאָט האָט זיך שוין גאָר
אויסגעעלטערט‘‘, פֿוול = ער ווייסט ניט וואָס ער טוט;
פֿירט ניט מער די וועלט.
אויסעלעקטריזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~עלעקטריזירט. 1. אינגאַנצן אָנלאָדן מיט
עלעקטרע; דורכפֿירן עלעקטרישן שטראָם דורך
אַ צאָל זאַכן. א, די גאַנצע קייט. 2.
בּאַגײַסטערן, אַרײַנבּרענגען אין עקסטאַז (אַ צאָל
מענטשן). א, דעם עולם צוהערערס מיט דעם
וואונדערלעכן שפּילן.
אויסעם — פּרעפּ אויס + דעם. דזוו אויסן ←.
אַרכ. ,,אַך זאַל איין איטלכער בּעל הבּית גי
וואָרנט זיין...דז ער זאָל קיין בּתולה שיקן
בּיי דער נכט אויזם הויז נאָך בּיר און, נאָך
ניקש‘‘, ,תּקנות חכמי ומנהיגי ק‘‘ק פּראַג,, —
שע,,בּ, [ריבֿ, רשומות, ד, תּל־אָבֿיבֿ תּרפּ‘‘ו].
אויסעמאַלירן — טרוו. ־יר אויס, ~
עמאַלירט. בּאַדעקן מיט עמאַל אַ צאָל (כּלים,
וואַזעס אע). א, די טעפּ.
אויסעמאַנסיפּירן, ־ציפּירן — טרוו. ־פּיר

אויס; ~עמאַנסיפּירט, ־ציפּירט. באַפֿרײַען
פֿון אומגלײַכקייט, פֿון שקלאַפֿערײַ. געבן
גלײַכע רעכט צו אַ צאָל (אַלע). „דערווײַל האָבן
באַקומען וואוינרעכט נאָר די רײַכע ייִדן, אָבער
עס איז נאָך געווען ווײַט ביזן א, אַלע ייִדן„.
אויסעמיגרירן — אוטוו. ־יר אויס, ~
עמיגרירט. ענדגילטיק עמיגרירן (אָן שום כּוונה,
האָפֿענונג צוריקצוקומען). א, און פֿאַרברענען
הינטער זיך די בריקן.
אויסענדיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסענדיקן. דער לעצטער

צעס אין פּראָדוקציע, אָרבעט. די א, איז
געמאַכט אויף גיך.
אויסענדיקן — טרוו. ־יק אויס, ~געענדיקט.
אינגאַנצן ענדיקן. דורכפֿירן דעם לעצטן
פּראָצעס אין אַן אַרבעט, ביי אַ פּראָדוקציע. א, די
אַרבעט, דעם מלבוש, די צייכענונג אאַזוו.
אויסענדיקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. (
שנײַדערײַ) ווער עס פֿאַרענדיקט (צו)נייען. „דער
אַרבל איז שוין אַרײַנגעשטעלט און דער א,

ווערט זיך שוין אַן עצה געבן".
אויסענדערן — טרוו. ־ער אויס, ~געענדערט.
פּד. אינגאַנצן בײַטן. איבערמאַכן, צוגעבן אַן
אַנדער פֿאָרעם. א אַזעלכע פּאָזשאָנדקעס.
,

▯

אויסענטסערן — אוטוו & טרוו. ־ער אויס,
~געענטפֿערט. 1. ענטפֿערן אויף אַ צאָל
(אַלע) פֿראַגעס, אָדער אַ צאָל (אַלע)
פֿראַגעשטעלערס. „שווער מיטאַמאָל אויסצוענטפֿערן
(אויף) אַלע שאלות". „איך וועל אײַך
אַלע(מען) א, איינעם נאָכן צווייטן". 2.
איבערענטפֿערן, איבערגעבן אין פֿרעמדע הענט.
אויסענצלען — טרוו. ־צל אויס, ~געענצלט.
פּר. דזוו אויסאיינצלען ←.
אויסעסונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסעסן. 2. אויסשלאָג, צרעת
אין אַ בגד וואָס פֿרעסט אויס האָר, פֿעל, וואָל
אע. ▯ „פּחתת היא, (ויקרא, יג, 55), תּי: "אַן א,
איז דאָס„.
אויסעסן — טרוו. עס אויס, ~געגעסן. 1. עסן
און דערבײַ אויסהוילן אַ לאָך אין מיטן. א,

דאָס ווייכע און לאָזן דאָס האַרטע. „גערענקט איר דעם הייליקן באָק...וואָס פֿלעגט שפּאַצירן מיט רחבֿה אין מיטן פֿון טאָג און א, לעכער פֿון שטרויענע דעכער?“, יהואָש, „דער הייליקער באָק'. 2. אויסבײַסן, אויסגריזשען; אויסרײַבן, אויסברענען (ערגעצוואו אויסהוילן און דערבײַ שעדיקן). מאָטן עסן אויס בגדים, זײַערס עסט אויס שטאָף. „שאַנד איז ניט קיין רויך — זי עסט ניט אויס די אויגן„, שוו. *א, די נשמה, די גאַל, דאָס האַרץ, די לעבער, די ניר(קע) = פֿאַרשאַפֿן האַרצווייטיק, ערגערניש, צער. „דער פֿאָטער דאַנקט גאָט, אַבי זי הערט אים אויף א, דאָס האַרץ„, ארז, קמ, 1 1867, No.

3. אַרויסקריגן, אויסוואָרצלען עמעצן פֿון אַן אָרט, שטעל, פּאָזיציע. „...ער זאָל זיך אין זיי נוקם זײַן און פֿון הי א'“, יפּ. „דער איינציקער אָרנטלעכער פּראָפֿעסאָר, ד"ר ציון, האָט מען אים שוין לאַנג אויסגעגעסן“..., ייִפֿאָל, 4 .24 1882, No. פֿאַרקאָנקורירן, אַרויסשטויסן. „...דורך דער וואָלוולקייט און העלקייט וועט זי יאָ א, אַלע ביזאַהעריקע פֿליסיקייטן וואָס האָבן געדינט צו ברענען“, קמ, 31 1865, No.

אויסעסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן אויסגעהוילט, אויסגעביסן. די פֿעל האָט זיך אויסגעגעסן פֿון שטויב. 2. זיך אַליין פֿאַרשאַפֿן האַרצווייטיק, עגמת־נפֿש. „דו ווייסט ניט ווי עס קרענקט אים, ווי ער עסט זיך אויס“ (אַזוי ווי עליפּטיש, דורכגעלאָזן: ס'האַרץ, די גאַל, די לעבער). „דער לערער... עסט זיך אויס די גאַל און די לעבער און האָט ניט אויף קיין ברויט„„ וו. זבאַרזשער, „דאָס ביסאַלי מינץ, [ייִבל I].

אויסער

אויסעסעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע אויסעסונג. עגמת־נפֿש, גריזאָטע. „אַנאַ א, אויף מײַנע שׂונאים געזאָגט געוואָרן!„„.
אויסעסקן זיך — [...אייסעקן] אוטוו. עסק זיך אויס, זיך ~געעסקט. 1. האָבן עסקים, געשעפֿטן, ענינים מיט אַ צאָל (יחידים, גרופּעס). זיך א, מיט אַלע חבֿרות. 2. האָבן אַ סך עסקים און אויפֿהערן. „איך מעג זיך פֿאַררוען, זיך שוין אויסגעעסקט מיט די קהלשע געשעפֿטן“, רייד.
אויסעסענען — טרוו. עפֿן אויס, ~געעפֿנט.

פֿטמ. 1. אינגאַנצן עפֿענען. אויפֿעפֿענען. א, דאָס (גאַנצע) האַרץ פֿאַר דיר. „ס'איז וואַרעם, עפֿן אויס דאָס גאַנצע פֿענצטער“. 2. עפֿענען איינס נאָך איינס. א, די שאַפֿעס, די שופֿלאָדן אאַזוו.

אויסעצה(נע)ן — [...אייצע(נע)ן] טרוו. עצה אויס, ~געעצהט. 1. אויסטראַכטן אַן עצה (מיט איר בײַטעם). א, אַ פּלאַן. 2. געבן עצות, אָנווײַזן וואָס צו טאָן. „אַן אַלטע מויד עצהט אויס ווי צו האָדעווען קינדער„, שוו.

אויסעצה(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך באַראָטן, זיך האַלטן אַן עצה (מיט אַ צאָל מענטשן אָדער וועגן אַ צאָל ענינים). זיך א, מיט פֿרײַנד וועגן (מכּוח) זײַנע געשעפֿטן. “עצה זיך אויס מיט דײַן ווײַבל, מיט די שוועסטער, און גיב מיר אַ תּשובֿה„, איציק קיפּניס, אונטערוועגנס. 2. איבערשמועסן, איבעררעדן, קאָנפֿערירן (כּדי צו קומען צו אַלגעמיינעם באַשלוס, הסכּם, מסקנא). „די בוררים האָבן זיך ווידער אויסגעעצהט און אַרײַן אין שול“, ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות, No 5, אַדעס, 1883.

אויסעצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסעצן פֿווב.

—
.
אויסעצן — טרוו. עץ אויס, ~געעצט.
אויסגראַווירן, אויסבּרענען אין מעטאַל מיט אַ
זײַערס. א, אויף אַ פּלאַטע פֿיגורן,
צייכענונגען אע.
אויסעקבּערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געעקבּערט. דזוו אויסעגבּערן ←.
אויסעקזאַמענירן — טרוו. ־יר אויס, ~
עקזאַמענירט. 1 פֿאַרענדיקן עקזאַמענירן,
אויס.
פֿרעגן וועגן קענטענישן. 2. עקזאַמענירן אַ
צאָל מענטשן אָדער וועגן אַ צאָל ענינים.
א, די תּלמידים אין אַלע לימודים. 3.
אויספֿרעגן. „דאַרף זי ניט ווערן פֿאַרשטויסן... [
איידער] דו וועסט איר ניט א'", אמד, דאָס קינד
אין וואַלד II, ווילנע 1876.
אויסעקלען — אומפּ. עקלט אויס, ~געעקלט.
ווערן אינגאַנצן דורכגענומען מיט אַ געפֿיל
פֿון עקל. „עס עקלט מ י ך אויס פֿון זײַנע
שטענדיקע ליגנס".
אויסעקן . טרוו. עק אויס, ~געעקט. לר.
פֿאַרענדיקן אַן אַרבּעט, אויסענדיקן. א אַ
,
שטיקל אַרבּעט.

אויסעקן זיך —. אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך פֿאַרענדיקן. „די גוטע צײַטן האַלטן בײַם אויסעקן זיך“. 2. שטאַרק באַגערן, חלשן עפּעס צו קריגן, זײַן פֿאַרבײַ (מחמת לעכצעניש). זיך א, צו ווערן נענטער מיט עמעצן.

אויסער — אַדי. דטשמ. וואָס איז אין דרויסן; דרויסנדיק. היפּוך פֿון אינער. „מיר מוזן זיך

אויסער

צוקוקן צו די א'ע סימנים, בשעת מיר ווילן קריגן אין מוח אַ בילד פֿון אַ מענטשן, פֿון אַ חיה אָדער אַ בוים„, בעל־מחשבֿות I.

אויסער — פּרעפּ. 1. פֿון דרויסן, מחוץ [באַנוץ זייער שטאַרק באַגרענעצט]. א, דער שטאָט; אויסערן שטאָט, לד. „ניטאָ קיין זאַך וואָס איז א, אים [גאָט]“, תּניא.

2. חוץ, אַחוץ, מיטן אויסנעם פֿון; אַלע חוץ דער פּערזאָן (די פּערזאָנען). אַלץ חוץ דער זאַך (די זאַכן). „די בילדונג האָט אויסער נאַרן קיין שׂונאים נישט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „וואָס זשע האָסטו, לעבן, נאָך, אויסער זיבן טעג אין וואָך, אויסער אונדזער שווערן יאָך?“, אר, 'צום לעבן'. „אויסער

שמעישׂראל, קומט קיין וואָר וואָרט פֿון זײַן מויל ניט אַרויס" פֿוול. „לייזונג אויסער זונטיק איז

,

אייגנטלעך געווען ווייניק, וואָרעם אויסער זונטיק איז דער פֿויער כמעט אין שטעטל נישט געקומען", יק. „אַלץ איז אין די הענט פֿון הימל א, יראת־שמים„.

*אויסער אײַער (אונדזער, מײַן אאַ פּאָסעסיווע פּראָנאָמען) ש אָ ד ן אויף מיר (אונדז, אײַך אאַ פּערזענלעכע פּראָנאָמען) געזאָגט = עס גייט אײַך (אונדז, אים אאַזוו) גאַנץ גוט, אַזוי אַז מע מעג זיך עס אַליין (אַן אַנדערן) ווינטשן. „אָרעם איז קיין שאַנד — און הײַנט בּ"ה אויסער אײַער שאָדן אויף מיר, אויף אַלע יִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן", ממוס, טאַק ו ע.

אויסער — קאָנ. אַרכ. סײַדן. „זול מען ניכט מעהר שפּײַז אַדר גטרענק האָבּין, אויסר איין יעדרר פּראָ ראטא זיין קונטריבּוציאָן...אויש גמעסין ווארדן,„ 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ"ז [ייִבל I].

אויסער־איירָאָפּעאיש — אַדי. וואָס איז מחוץ די גרענעצן פֿון איירָאָפּע. א'ע לענדער וואָס זײַנען ווײַט פֿון דער מערבֿדיקער

ציוויליזאַציע.

אויסעראָרדנטלעך — אַדי. 1. וואָס איז מחוץ דער ריי, אָרדענונג; ניט־געוויינטלעך. רופֿן אַן א'ע זיצונג. א'ער פּראָפֿעסאָר = ניט קיין מיטגליד פֿון אײַנגעשטעלטן פּערסאָנאַל פֿון אוניווערסיטעט. 2. אויסערגעוויינטלעך, וואָס איז אַ זעלטנקייט, אַ יוצא־מן־הכלל. אַן א, אינטערעסאַנטע לעקציע. אַזאַ אויפֿפֿירן זיך איז בּאמת א'. „...פּרטים פֿון דער א, פּרעכטיקער קונסט־פּאַנאָראַמע“, שנ, דערציילערס או1 ראָמאַניסטן II.

אויסעראָרדנטלעכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

אויסעראָרדנטאו▯נראָרטלער

— אַדי. וואָס איז אויסער

ל.

אָרט, מחוץ גרענעצן אָדער בּאַגריפֿן פֿון אָרט, שטח. „...איז נאַטירלעך בּײַ אים זײַן איבּערצײַטלעכער און א'ער צוגאַנג צו צײַט־ און אָרט־געי▯ עענישן„, שנ, ה. לייוויק.

אויסערבּן — [...אָ'רעוון] טרוו. ערבֿ אויס, ~געערבֿט. אַרכ. מייִ. געבּן ערבֿות, גאַראַנטיע. „גאָט האָט מיך...מציל גיוועזין אויש

דיא האַנט פֿון מלאך המות און, האָט מיר
אויש גיערבֿט פֿון אים", נצ1, דבֿרים. „און,
אלי זיינן גישטאנן לפֿני המלך הקדוש און,
האבֿין גיבֿעטין אויף מיר און, האבֿין מיך

29 ▯

אויש גיערבֿט", [דאָרטן. אין נצ2, זשיטאָמירער
אויסגאַבֿע: „גיגעבֿן ערבֿות"].
אויסערגעוויינ(ט)לעך — אַדי. וואָס איז
מחוץ די גרענעצן פֿון דעם געוויינטלעכן; וואָס
איז אַ זעלטנקייט, אַ יוצא־מן־הכּלל. א'ער
מענטש, א'ע רייד. „אין אַ באַזונדערער א'ער
שטימונג זענען די געסט...געקומען", ספּ,
סודו▯ נ.
אויסערגעוויינ(ט)לעכקייט — די (דאָס),
־ן. 1. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסערגעוויינ(ט)־
לעך. 2. עפּעס וואָס איז אויסערגעוויינ(ט)־
לעך. אַזאַ געשעעניש איז אַן א', טרעפֿט זיך
איין מאָל אין אַ יאָרהונדערט.
אויסערגעזעצלעך — אַדי. וואָס איז מחוץ
די גרענעצן פֿון געזעצן. א'ע מיטלען. אַן
איבערקערעניש איז תּמיד א'.

-

אויסער געסאַר זײַן — צזוו, אוטוו. בײַן געוועט א, ג'. זיך באַפֿרײַען פֿון, זײַן אַרויס פֿון סכּנה. נאָכן קריזיס איז די קראַנקע אויסער געפֿאַר. זיך באַהאַלטן אין קעלער און רעכענען אַז מען איז אויסער געפֿאַר.

אויסערגערן — טרוו. ־ער אויס, ~געערגערט. פֿאַרשאַפֿן ערגערנישן; אַרײַנברענגען אין כּעס, אין מצבֿ פֿון גרויס עגמת־נפֿש. א, די קינדער מיטן רייצן זיך. א, מיט נאַרישע רייד און שלעכטע מעשׂים.

אויסערגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. נעמען זיך זייער שטאַרק צום האַרצן; זיך זייער קלעמען, מאַכן אַ תּל פֿון זיך איבער ערגערניש(ן). „איר דאַרפֿט זיך ניט אַזוי א, איבער דעם דורכפֿאַל. פּרוּווט בעסער נאָך איין מאָל„.

אויסערדעם — אַדוו. (אַ)חוצדעם; דערצו נאָך. „ער איז אַ ביסל אַן עקשן, אָבער א, האָבן מיר קיין זאַך נישט צו אים„; „ער איז אַן עקשן, א, איז ער נאָך אַ קאַרגער און אַ ניט־פֿאַרגינער“. „...א, איז אויפֿן בעקן געלעגן און געשמייכלט אַ געלער, אַ שמעקעדיקער מאַראַנץ“, שע פֿון זיי האָט זיך גענומען די

— -
„ .

מאָדע מכבד זײַן מיט פּירעשקעס, א, האָט מען
נישט געקאַרגט קיין זיסע שנאַפּסן און
ווײַנען“, יק. „א, וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט,
און ער האָט זי כסדר אווּוירט...“, איבז עגנון,

אַ פּשוטע מע▯ה.

אויסער דע'ם וואָס — פֿראַזע [אויסער —
פּרעפּ, דעם — פּראָנאַם]. (אַ)חוץ דע'ם וואָס,
ווי אַ צוגאָב צו דע'ם וואָס (מע האָט געזאָגט,
געטאָן אאַזוו). „אויסער דע'ם וואָס ער האָט
דערציילט דער פּאָליציי, האָט ער נאָך גערעדט
מיט אַ רעפּאָרטער און אים איבערגעגעבן...„,.
אויסער דער ריי — פֿראַזע. ניט אין דער
ריי (בײַם וואַרטן צו קריגן עפּעס), איידער
מע דאַרף קריגן לויט דער אײַנגעשטעלטער
אָרדענונג. „איר זײַט אַזאַ יחסן ווי מיר אַלע,
רוקט זיך ניט פֿעטערל, אויסער דער ריי!“

,
[אין לאָדזשער געטאָ פֿלעגן פּאָליציסטן און
פֿײַערלעשערס באַקומען אין די קראָמען
אויסער דער ריי; דער עולם וואָס איז שעהן
אָפּגעשטאַנען אין די רייען פֿלעגט זיי
נאָכשרײַען: 'פֿאַרוואָס רײַסט איר זיך נישט בײַ...
(דעם ממונה איבערן בית־עולם) אויסער דער

רייִ?, פֿון לעצטן חורבן, No] .[

אויסערהאַלבֿ — פּרעפּ. דטשמ, לאָקל. אויסער, מחוץ. א, די גרענעצן פֿון דער מלוכה. ,,פֿונ..

אויסערטאָנאַל(יש)קייט

דעסטוועגן רײַסט די מערקווירדיקע געגנט מײַן מידן בליק: די אויגן זוכן א, די פֿענצטער,,, פּה, פֿון ווײַטע לענדער. א, דער שטאָט [ירושלים] — הינטער די מויערן פֿון אַלטשטאָט ירושלים. ,,אַז אַ ירושלימער ייִד רעדט וועגן שטאָט, מיינט ער דערמיט די אַלטשטאָט און בשום אופֿן ניט די נײַע שטאָט. וואָס מחוץ דער אַלטשטאָט רופֿט ער אָן: א, דער שטאָט,,, קאָס, 'ארץ־ישׂראלדיקער ייִדיש פֿון אַלטן אַשכּנזישן ייִשובֿ, [מאַנוסקריפּט].
אויסערהאַלבן —, אַדוו. פֿון דרויסן, אין דרויסן, ניט אין די גרענעצן פֿון גרופּע, קרײַז (שטאָט, לאַנד). מיר קענען אים, אָבער א, האָט ער אַ גוטן נאָמען. ,,...ניט אויף אלי פּ״פּ
[— פֿראַנקפֿורטע] גימיינט, דען זיא האבן
--

אויזר האַלבן איין שם — אַנשי גמילות חסדים הם“, 'בחורים־ליד,, פּפּמ, 750 [וואַכשטיין־בוך, ייִוואָ].

אויסערוויילט — אַדי. דטשמ. דזוו אויסדערוויילט. ,,די כּנסת ישׂראל זאָל גיין אויף קידוש־השם...ווי עס פּאַסט פֿאַר זײַן טײַער א, פֿאָלק“, בעל־מחשבֿות I. ,,וועט דער א'ער סיני זיך באַקליידן מיט אַ נעבל,,, יהואָש, ,די נאַכט פֿאַר מתּן־תּורה'.

אויסערוועלט — די, ־ן. וועלט וואָס איז מחוץ די גרענעצן פֿון אייגענעם איך אָדער אייגענער סבֿיבֿה; וועלט מחוץ דער וועלט פֿון חושים. ,,האָבן אויג און האַרץ פֿאַר א, פֿאַרמאַכט“, בראָד, אויסגעקליבענע שריפֿטן.

אויסערווערטס — אַדוו. לאָקל, לאָדזש. מחוץ דער פֿאַבריק (וועגן אַרבעטן אין דער היים). מחוץ די גרענעצן פֿון דער שטאָט. ,,אַחוץ דע'ם האָט מען נאָו אַרויסגעגעבן אַרבעט, ווי דאָס האָט געהייסן: געאַרבעט א'. דאָס מיינט אַז פּויערים פֿון דער לאָדזשער אומגעגנט פֿלעגן אַרויסנעמען אַרבעט און בײַ זיך אויף וועבשטולן אויספֿאַרטיקן די רויע סחורה“, פּ. מיגץ, לאָדזש אין מײַן זכרון, ב,,א, 1958.

אויסער־זיך — דער. מצ נב. נעאָל. וועלט
מחוץ דעם זיך, דעם איך. „ס'דערזעט דורו
אײַך דער איך — דעם א'־זיו, מײַן אויג
— דאָס קעגן־אויג פֿון דער וועלט“, צײַט,
'דאָס ליד פֿון אַ פֿענצטער'.
אויסער זיך זײַן — צזוו, אוטוו. בײַן געווען
אויסער זיך. 1. אינגאַנצן פֿאַרלירן
גלײַכגעוויכט. זײַן צעטומלט, שטאַרק אויפֿגערעגט.
זײַן אויסער זיך פֿאַר (פֿון) כּעס, צאָרן אע;
פֿאַר (פֿון) צער, האַרצעסעניש אע און מחמת
אַלע אַנדערע שטאַרקע און שווערע
איבערלעבונגען, געפֿילן. “ער איז געווען
אומגעדולדיק און אויסער זיך פֿון ניט באַקומען
קיין ענטפֿער“, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. 2. זײַן פֿאַרוואונדערט, שטאַרק
פֿאַרהידושט, איבערראַשט. „איז ער געוואָרן אויסער
זיך פֿון פֿרייד„ פֿמ. אויסער זיך זײַן פֿאַר

,

חידוש = זייער שטאַרק זיך וואונדערן.
אוי'סערטאָנאַ'ל(יש) — אַדי. (מוזיק) וואָס
איז געבויט, באַזירט אויף דיסאָנאַנס. א'ער
קלאַנג, א'ע מוזיק.
אויסערטאָנאַל(יש)קייט — די (דאָס),
־ן. (מוזיק) דיסאָנאַנס. אייגנשאַפֿט (פֿון אַ

מוזיקאַליש ווערק), געבויט אויף דיסאָנאַנס.

אויסערלאַנעריש

אויסערלאַגעריש — אַדי. סאָוו. וואָס איז (ווערט דורכגעפֿירט) מחוץ דעם לאַגער מיט סחורה. א'ער פֿאַרקויף. א'ע אָפּעראַציע.
אויסערלעך — אַדי. דטשמ. 1. וואָס איז לויטן אויסזען (אויסקוק); דרויסנדיק. „דערצו איז ער געווען א, זייער שיין...אַ פּאַרשוין!„„ יק. 2. אויבנאויפֿיק, חיצוניותדיק; ניטתּוכיק. אַן א'ע ענלעכקייט צווישן צוויי שרײַבערס. „ניין, איר קענט נישט! איר קענט אפֿשר דאָס א'ע לעבן, אָבער נישט דאָס אינערלעכע“, ספּ, סודות. „בכלל איז געוואָרן אַ שינוי אין דעם טאַטנס א'ער הנהגה“, לדב.
אויסערלעכקייט — די (דאָס), ־ן. דטשמ. דרויסנדיקייט. אויבנאויפֿיקייט, חיצוניות. „אין די אמת־גרויסע ווערק פֿון די אַלטע צײַטן

זײַנען אונדז פֿרעמד...געוויסע פּרטים, א'ן, ניט זיי אַליין", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.

אויסערמענטשלעך — אַדי. וואָס איז העכער, איבער (אָדער נידעריקער, אונטער) דאָס מענטשלעכע. א'ע גוטסקייט. "רואיק אָטעמט אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון מנוחה אַלדאָס א'ע,,, צײַט, 'ס'אויסערמענטשלעכע'.

אויסערן — צונויפֿשמעלץ פֿון פּרעפּאָזיציע מיטן אַרטיקל: אויסער + דעם. שטעלן עמעצן אויסערן געזעץ = אויף אים זאָל ניט חל זײַן קיין שום געזעצלעכע גאַראַנטיעס פֿון פּערזענלעכער זיכערקייט. ,,דער אַנטלאָפֿענער פֿאַרברעכער איז אויסערן געזעץ". [אין לד אויך אויסער + דער = ער איז אויסערן שטאָט].

אויסערן — טרוו. אויסער, געאויסערט. אויך: אייסערן, אײַסערן. דטשמ. אויסדריקן, מאַניפֿעסטירן. ,,און ווי עפּעס ניצלעכס איז געמאַכט געוואָרן, איז ער גלײַך געקומען און האָט געאייסערט זײַן צופֿרידנקייט", קמ, 25 1863, No. [נר].

אויסערן זיך — ← דפֿוו. זיך אַרויסזאָגן (ספּעצ וועגן אַ חשובֿן מענטשן). "דער

מיניסטער האָט זיך געאויסערט אַז...".
אויסערן־מיניסטער — דער, ־ס, ־סטאָ'רן.
וונ ־שע, ־ס. אויך: אויסער־מיניסטעך.
מיניסטער וואָס איז דער ממונה איבער אַלע
ענינים פֿאַרבינדונגען און שײַכותן צווישן דער
מדינה מיט אַלע אַנדערע מדינות. „דער
פּרעמיער האָט אויך דעם פּאָרטפֿעל פֿון א'־מ,".
קאָנפֿערענץ פֿון א'־מ'ן.
אויסער(ן)־מיניסטעריום — דאָס (דער),
־ס. צווײַג פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט
אין אַ מדינה, אָנגעפֿירט פֿון אויסערן־
מיניסטער. „די דיפּלאָמאַטן פֿון אונדזער א'־מ, האָבן
ניט אַלע באַקומען די געהעריקע צוגרייטונג
פֿאַר זייער קאַריערע".
אויסערן־פּאָליטיק — די. מצ נב.
פּאָליטיק (פֿון אַ רעגירונג, גרופּע) בנוגע שײַכותן
און פֿאַרבינדונגען מיט אַלע אַנדערע מדינות
און לענדער.
□ □
אויסער־סביבהדיק — אַדי. וואָס איז מחוץ
דער סבֿיבֿה, דעם קרײַז, דער
געזעלשאַפֿטלעכער גרופּ□ —

אויסער־סביבהדיקייט — די (דאָס). מצ
נב. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויסערסבֿיבֿהדיק. ,,געוויינטלעך דערהייבט ער

אָרט300

און צײַט־שטאָף ביז צו איבערצײַטלעכקייט און
א'־ס'", שנ, ה. לייוויק.
אויסערסט — אַדי, אַרכ. 1. וואָס איז בײַם
סאַמע ברעג, עקסט, לעצט. מ□ t, 2/49
פֿאַר,
טײַטשט ,בשֹפת היריעה הקיצונה, (שמות, בו,
4): ,,די אוישרשטן,, [תּי: ,,אויף דעם זוים פֿון
דעם עקסטן פֿאָרהאַנג,,]. מלל, 2/3, פֿאַרטײַטשט
'ועד הים האחרון, (דבֿרים, יא, 4): ,,דאש
איישטרשטי ים". [תּי: ,,און ביזן הינטערשטן
ים,,].
אויסערסט — אַדוו. דטשמ.
אויסערגעוויינטלעך, זייער אין אַ גרויסער מאָס. ,,אין
דער
צײַט פֿון אויפֿשטאַנד איז די ייִדישע לאַגע
געווען א, שלעכט,,, יק. ,,זײַן שפּראַך איז געווען
רײַך א□ן א, פֿאַרביק", מוק, באַגעגענישן II.
אויסערסאָקוסדיק — אַדי. וואָס קומט זיך

ניט צונויף אין פֿאָקוס; אומקלאָר, מטושטש. אַן א'ע אויפֿנאַמע.

אויסערשטאָט — די. מצ נבֿ. געגנט הינטער דער שטאָט; פֿאָרשטאָט. "סע שמעקט מיט א,", נס.

אויספּאָבאַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ פּאָבאַטשעט. אוקר. סל. אינגאַנצן מוחל זײַן, פֿאַרגעבן אַ צאָל (שוואַכקייטן, קלענערע עבֿירות, ווילדע שטיק). „ער איז נאָך אַ קינד, מעגסט אים [דאַטיוו] א, זײַנע יונגאַטשערײַען".

אויספּאָגאָזשען זיך — אוטוו. ־זשע זיך אויס, זיך ~פּאָגאָזשעט. לאָקל. (גראָדנע). 1. ווידער ווערן אַ שיינער וועטער (נאָך רעגנס, אַ שטורעם אע). אַז עס וועט זיך א', וועט מען קענען פֿאָרן ווײַטער. 2. זיך באַרואיקן (נאָך געשרייען, היצן זיך). ווערסט זיך א', וועסטו אַליין אײַנזען אַז...

אויספּאָגראָמירטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. מצבֿ פֿון זײַן אינגאַנצן פּאָגראָמירט. אַן א, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבן.

אויספּאָגראָמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~ פּאָגראָמירט. 1. סיסטעמאַטיש, גרינטלעך דורכפֿירן ווילדן איבערפֿאַל מיט שלאָגן, מאָרדן,

רויבן. „מע האָט אונדז אַזוי אויספּאָגראָמירט אַז די וואָס זײַנען געבליבן לעבן האָבן אַפֿילו ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען“.
2. מאַכן פּאָגראָמען אין אַ צאָל ערטער. א, אַלע יידישע שטעטלעך פֿון אומגעגנט.

אויספּאָדאַקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~פּאָדאַקעוועט. סל. דזוו אויספּאָטאַקעווען ←.

אויספּאַדע(ווע)ן — אוטוו. ־דע(ווע) אויס, ~געפּאַדע(ווע)ט. אוקר. 1. אויסדינען, אַרומגיין אַרום עמעצן און אים העלפֿן (מיט אַרבעט, געבן עסן אאַזוו). א, עמעצן [דאַטיוו] ווי (אַרום) אַ קראַנקן. 2. זיך מיִען עפּעס צו דערגרייכן מיט באַדינען, זײַן אונטערטעניק. א, נאָך אַ מיידל. א אַרום גבֿירים.

אויספּאַדע(נע)ן — טרוו. ־דע אויס, ~ געפּאַדעט. לר. עפּעס אויפֿטאָן מיטן אַרומגיין מיט פּאַמעלעכע, געמאָסטענע טריט. וועט ער א, פֿאַר זיך אַ שטעל?

אויספּאַדקעווען — אוטוו. ־קעווע אויס, ~געפּאַדקעוועט. אוקר. דזוו אויספּאַדע(ווע)ן ←, אָבער מיט אַ בפֿירוש איר בײַטעם.

אויספּאָדר(י)אַדעווען — טרוו. ־דעווע אויס, ~פּאָדר(י)אַדעוועט. אַרויסקריגן,

אָפּאויספּאַטשן

שליסן אָפּמאַך עפּעס צוצושטעלן,
אויפֿצושטעלן. א, געהילץ פֿאַרן פֿאָלק.
אויספּאָוויאַלעט — אַדי. סל. אינגאַנצן
פֿאַרוועלקט, אָפּגעקראָכן פֿון עלטער. די
ביימער שטייען שוין א'ע. דער אַלטער איז א,
און שלעפּט קוים די פֿיס.
אויספּאָזירטקייט — די (דאָס), ־ן מצבֿ
פֿון זײַן צו שטאַרק אויספּאָזירט. מיר געפֿעלט
ניט די אומנאַטירלעכע א, פֿון דער גרופּע.
אויספּאָזירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
פּאָזירט. אויסשטעלן, אַוועקשטעלן אין אַ (
גוטער) פּאָזע. א, איז שווערער ווי פֿאָטאָגראַפֿירן.
אויספּאַזעווען — טרוו. ־זעווע אויס, ~
געפּאַזעוועט. (סטאָליערײַ) אַרומהובלען, אַרײַנפּאַסן
פֿילאָנקעס פֿיליאָנגעס [דינע ברעטלעך וואָס

,

קומען אין מיטן טיר און זײַנען געלייגט איינס
איבער דאָס צווייטע].
אויספּאָזעווען — טרוו. ־זעווע אויס, ~
געפּאָזעוועט. לאָקל (קאָוולער קרײַז, וואָלין).
אויסמשפּטן, אויסכלאַפּאָטשען. א, די ירושה,

א אַ ראַזרעשעניע.

אויספּאָזעווען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
1. אויפֿהערן זיך משפּטן. זיך א, און ווידער ווערן גוט. 2. אַ לאַנגע צײַט זיך משפּטן. זיך א אַ גאַנץ לעבן.

אויספּאָטאַקעווען — אוטוו. ־קעווע אויס, ~פּאָטאַקעוועט. סל. צושטימען, צובאָמקען, זאָגן כּסדר 'יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי'. א, דעם גבֿיר, דער פּריצטע.
אויספּאַטויפּען זיך — אוטוו, אומפּ. ־פּעט זיך אויס, זיך ~פּאַטויפּעט. וורר. געפֿינען פֿאַר זיך אַן אָרט. *עס פּאַטויפּעט זיך ניט אויס אין קאָפּ = עס איז ניט צו פֿאַרשטיין, לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל (אין אַנדערע לר פּאַטופּען זיך, אָן אויס).
אויספּאַטופּען זיך — אוטוו. ־פּע זיך אויס, זיך ~פּאַטופּעט. סל. טעמפּ ווערן. די האַק האָט זיך אויספּאַטופּעט.
אויספּאַטיקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אויס, זיך ~פּאַטיקעט. סל. כּסדר זיך פֿאַרטשעפּען (בײַם גיין, לויפֿן). זיך א, און פֿאַלן.
אויספּאַטענטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)

פּאַטענטירט. 1. געבּן (אָדער צווינגען
אַרויסצונעמען) פֿאָרמעלן דאָקומענט וואָס גיט רעכט
אויף עפּעס [געוויינטלעך צו פֿאַרקויפֿן בראָנפֿן,
טאַבּעק]. א אַלע קרעמלעך און געשעטלען וואָס
,
פֿאַרקויפֿן פּאַפּיראָסן. 2. קריגן פֿון מלוכה
גאַראַנטיע אויף רעכט פֿון אַ צאָל אויסגעפֿינסן.
א, נײַע סינטעטישע שטאָפֿן.
אויספּאָטראַפֿ(י)ען — אוטוו. ־פֿ(י)ע אויס,
~פּאָטראַפֿ(י)עט. כּסדר, נאָכאַנאַנד
צופֿרידנשטעלן, צוטרעפֿן. פּאָטראַפֿיען אַ צאָל. א,
קונדן. אַזאַ קאַפּריזנע, מע קען איר ניט א'.
אויספּאַטש — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויספּאַטשן. באַליידיקונג. אַזאַ ענטפֿער איז אַן א..
אויספּאַטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּאַטשן.
אויספּאַטשן — פּאַטש אויס, ~געפּאַטשט.
אוטוו — מיטאַמאָל אַ קלאַפּ טאָן אין עפּעס
מיט דער פֿלאַך פֿון האַנט. א, אין שטענדער
מיט אַ געהילך. טרוו — 1. שלאָגן עטלעכע
מאָל (אָדער וויפֿל מע דאַרף, מע וויל) מיט דער
פֿלאַך פֿון האַנט. א, די באַקן פֿאַר עזות
—
,, .

וכּדומה עפּעס אַ פֿאַרבּרעכן האָט מען אים
אויסגעשייגעצט, אויך אויסגעפּאַטשט„, ממנס,
שלמה. 2. בּאַליידיקן. „איר זײַט אַ שוטה, אַ
שוטה! — אַזוי האָבּ איך אויסגעפּאַטשט דעם
גבּאי“, רייד. 3. אויסגלײַכן, אויסקנעטן, דורך
דריקן, שלאָגן מיט דער פֿלאַך פֿון דער האַנט.
„און דאָ קאָנען קינדער צוהעלפֿן. ניט אַזוי
בּײַם בּאַקן ווי בּײַם א': קאָרענעם האָניק־לעקעך
בּאַדאַרף מען פּאַטשן, לאַנג פּאַטשן„, שע,
פֿונעם יאַריד. 4. אַפּלאָדירן, איר.
אויספּאַטשעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויספּאַטשן.
אויספּאַטשער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פּאַטשט אויס. געדונגענער
אַפּלאָדירער.
אויספּאַטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געפּאַטשקעט. 1. שמוציק, בּרודיק מאַכן. א,
די הענט, די קליידער. 2. אויסשמירן,
פֿאַרשמירן. א, די גאַנצע זײַט, דאָס ביכל אאַזוו.
3. שלעכט, מיאוס אויסשרײַבּן. א, די
היימאַרבּעט. 4. בּכלל שלעכט און גיך אָפּטאָן אַן
אַרבּעט. א אַ פּאָר שיך ווי אַ קאַליקע מיט

צוויי לינקע העגט. 5. מיטן בּ1 און אין
פֿאַרבינדונג מיט פסקענען, ווש. „דער רבֿ
פּאַטשקעט אויס די הון אויף אַלע זײַטן איידער
מע הערט פֿון אים אַן ענטפֿער אויף דער
שאלה„„ ישׂראל קאַפּלאַן.
אויספּאַטשקעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּאַטשקען.
אויספּאַיען 1 — טרוו. פּאַיע אויס, ~
געפּאַיעט. סל. אויסלייטן, פֿאַרלייטן. א, די כּלים.
אויספּאַיען 11 — דזוו אויספּײַען ←.
אויספּאָיע(נע)ן — טרוו. פּאָיע אויס, ~
געפּאָיעט. אָנטרענקען (אָנטרינקען) (אַ צאָל)
בהמות. א, די פֿערד.
אויספּאַכטן — טרוו. פּאַכט אויס, ~געפּאַכט.
אָפּגעבן אָדער קריגן אין אַרענדע (אינגאַנצן
אָדער אַ צאָל). א, די קי פֿון דעם פּריץ. א,
די מאַיאָנטקעס.
אויספּאָל(י)אָסקען
ל(ע אריס, ~
געי
אָסקען. סל.
— טרוו. ־
פּאָל(י)אָסקעט. פּפּ: ~פּאַ

אויסשווענקען. אויסגיסן, אויספליוכען. א,
דעם קראַנקן גאָרגל (האַלדז). „איינער גייט צו
און טוט אַ פּאָליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלײַך
מיר אין פּנים אַרײַן“, שע, מאָטל.
אויספּאַליובען — אוטוו, דריטפּערזאָניק ־בעט
אויס, ~פּאַליובעט. אויך: ~פּאָליובען. סל.
שטאַרק געפֿעלן ווערן: זיך אַרײַנפּאַסן אין
קערפּערלעכע באַגערן; צוגעבן כּוחות. „דאָס
חתונה האָבן און די פֿעטע קעסט האָט
אויספּאַליובעט דעם קלויזניק [דאַטיוו]“, רייד.
אויספּאָליטור(יר)ן — טרוו. ־טור(יר) אויס,
~געפּאָליטור(יר)ט. פֿאַרענדיקן אָדער
אינגאַנצן אַריבערציִען מיט פּאָליטור (צו מאַכן
גלאַט, גלאַנציק). א, מעבל.
אויספּאָליטיקירן, ~פּאָליטיקעווען —.
טרוו. ־יר, ־קעווע אויס; ~פּאָליטיקירט, ~
פּאָליטיקעוועט. אַרויסקריגן עפּעס דורך
פּאָליטיק, אינטריגעס, מאַכינאַציעס. א, פֿאַר דער
פּאַרטיי אַ בעסערע פּאָזיציע.
אויספּאָליעווען — טרוו. ־ליעווע אויס, ~
געפּאָליעוועט. אוקר. צוניפֿפֿירן בהמות: דעם
ער צו דער זי אָדער די זי צום ער. א, די קי.

אויספּאָליעווען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
זיך באַלויפֿן, קאָפּולירן (וועגן בהמות). דער
בול פּאָליעוועט זיך אויס מיט די קי.
אויספּאַליען — טרוו. ־ליע אויס, ~געפּאַליעט.
סל. 1. אויסשיסן. א, פֿון ביקס עטלעכע
מאָל. 2. שטאָרק אויסהייצן. ס'איז אַ פֿראָסט,
מע דאַרף א, דעם אויוון.
אויספּאָליען — טרוו. ־ליע אויס, ~
געפּאָליעט. דזוו אויספּאָלען ←.
אויספּאָלירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
פּאָלירט. פֿאַרענדיקן מאַכן גלאַט, גלאַנציק,
שײַניק. א, ברעטער, מעבל.
אויספּאַלמעסן — טרוו. ־עס אויס, ~געפּאַל
מעסט. 1. דזוו אויסבאַלזאַמירן ←. 2. ביזן
סוף אויפֿשנײַדן, צעשנײַדן טויטע קערפּערס
(פֿאַר אַן אויספֿאָרשונג, בײַם שטודירן). א,
אַ הרוג. א, קערפּערס בײַם שטודירן אויף
דאָקטער. 3. גרינטלעך (און פֿײַנדלעך)
אַנאַליזירן. א, אַ טעאָריע.
אויספּאָלסטערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויספּאָלסטערן. מאַטער אַל צום (פֿון)
אויסי
פּאָלסטערן. די א, איז פֿון ביליקער וואַטע

און זי קריכט אַרויס.

אויספּאָלסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפּאָלסטערט. אינגאַנצן באַדעקן, באַציִען מעבל. אויסווייכן מעבל מיט פֿאַרשיידענעם מאַטעריאַל. א אַ קאַנאַפּע.

,

אויספּאָלעוועןָ — טרוו. ־לעווע אויס, ~ געפּאָלעוועט. דזוו אויספּאָלען ←.

אויססאָלעמיזירן — ־יר אויס, ~ פּאָלעמיזירט. אוטוו — דעבאַטירן מיט אַ צאָל (און דערבײַ זײַן קריגעריש, אַרײַנזאָגן, מיט אַלע מיטלען וועלן דערווײַזן אייגענע גערעכטקייט). א, מיט אַלע קעגנערס. טרוו — עפּעס דערגרייכן דורך פֿירן פּאָלעמיק, האָבן וויכּוחים. „מע קען קיין מאָל קיין זאַך ניט א':
יעדערער בלײַבט בײַ זײַן שטאַנדפּונקט„, רייד.

אויספּאָלע(נע)ן — טרוו. ־לע אויס, ~ געפּאָלעט. אויסרײַסן איבעריקע (שעדלעכע) געוויקסן (גראָזן, דערנער). א, דעם גאָרטן, די בייטן.

אויספּאָמאַדע(ווע)ן — טרוו. ־דע(ווע) אויס, ~(גע)פּאָמאַדע(ווע)ט. אויסשמירן מיט פּאָמאַדע צו מאַכן גלאַנציק אָדער ווייך. א, די האָר, די שיך.

אויספּאָמאָצעווען — טרוו. ־צעווע אויס,
~פּאָמאָצעוועט. סל. אויספּעסטיקן, שטאַרק
אויסבינדן. אונטערשפּאַרן. א, די שטריק.
אויספּאָמסן — טרוו. פּאָמס אויס, ~געפּאָמסט.
אויך: ~פּאָנסן. אויספֿאַרבן מיט פּאָמס,
טיף־רויטן קאָליר. א, די ליפּן.
אויספּאַמע'לעכן — טרוו. ־לעך אויס, ~
געפּאַמעלעכט. מאַכן פּאַמעלעך(־כער). "דער
זייגער לויפֿט, מע דאַרף אים א'".
אויספּאָמעסטיען, ~מעשטשען ——־־ טרוו.
־טיע, ־שטשע אויס; ~געפּאָמעסטיעט, ~
פּאָמעשטשעט. סל. געפֿינען אָרט (צו זיצן,
שלאָפֿן, ליגן). אַלעמען א, אויף בײַנאַכט. א, די
ביכער אויף דער פּאָליצע.
אויספּאָמפּ(ע)ן — טרוו. פּאָמפּ(ע) אויס, ~
געפּאָמפּ(ע)ט. 1. אַרויסציִען פֿליסיקייט,
אויסליידיקן מיט אַ פּאָמפּ(ע). א, אַ ברונעם.
אויספּאָמפּען דעם מאָגן צוליב דיאַגנאָסטישע

אויספּאַסמאַקעווען

צוועקן. 2. אַרויסקריגן אַ ידיעה, נײַס, סוד
פֿון עמעצן. אַליין אַרויסברענגען נײַס, סוד.
"...האָט ער טיף פֿון זיך מיט צוויי שווערע

אָטעמס אויסגעפּאָמפּעט: מע האָט היינט
בײַנאַכט...״, בערג, בײַם דניעפּער 3 .II.
אַרויסקריגן, אויספּרעסן געלט. „זיי האָבן
אויסגעמאַנטאַשעט, אויסגעפּאָמפּעט בײַ אונדז — איר
ווילט וויסן וויפֿל? וויפֿל זיי האָבן געקענט״,
שע, 'דר אַלמנות,.
,

אויספּאָמפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויספּאָמפּ(ע)ן.
אויספּאַנעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געפּאַנעוועט. 1. אויספּוצן, אויסצירן (ווי אַ
פּאַן). א, דאָס ווײַבל ווי אַ ליאַלקע. 2. פּטרן
געלט, פֿאַרמעגן. א, אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט.
אויך זן אוטוו. פּד. (אָנהייבן) זיך אויפֿפֿירן
וו אַ פּאַן, פּריץ (אַרומגיין ליידיק, זיך טשעפּען
,
צו מענטשן). ״שווער אויסצוהאָלטן פֿון אים,
ער האָט אויסגעפּאַנעוועט און לאָזט אונדז
ניט צו רו״.
אויספּאַנעווען זיך — ← דפֿוו. 1. זיך
אויסלעבן ווי אַ פּריץ, פּאַן. זיך א, אויפֿן
טאַטנס חשבון. 2. פּטרן צײַט און ניט
דורכפֿירן וואָס מע הייסט טאָן.
אויספּאַנצערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויספּאַנצערן. קוילן־זיכערע א, פֿון אויטאָמאָביל.

אויספּאַנצערן — טרוו. ־צער אויס, ~ געפּאַנצערט. אויך מיט זיך. אויסקליידן מיט אַ פּאַנצער. אויספֿעסטיקן, אויסזיכערן. א, זיך ווי ד אַמאָליקע ריטערס. א, דעם גאַנצן קערפּער.
׳
א, די אָנהענגערס מיט פֿעסטע ראַיות קעגן דער פֿײַנדלעכער שיטה. „אויסגעפּאַנצערט אַ געשיכטע פֿון מלחמה און פֿון ליבע“, קוו, 1919.

אויספּאַנקעווען — טרוו. [ווייכע] ־קעווע אויס, ~געפּאַנקעוועט. אויסכאַלעווען, אויספּיעשטשען. א, ווי אַ בן־יחידל (בן־זקונים), ווי אַ פּרינצעסין.

אויספּאַנקעווען זיך — ← דפֿוו. זיך פֿאַרציִען. מאַכן חנדלעך. זיך א, פֿאַרן מאַן.

אויספּאָנשעווען — אוטוו. ־שעווע אויס, ~געפּאָנשעוועט. אוקר. אויך: ~ פּאָנטשעווען. מיטאַמאָל אָנהייבן הוליען, טרינקען. „די חבֿרה האָבן געוואוסט אַז זיי דאַרפֿן באַלד אַוועק אין מיליטער, האָבן זיי דערווײַל אויסגעפּאָנשעוועט“, בריקו.

אויספּאַסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּאַסן, טרוו. מיטנעמען דעם

געזעל צו דער א'.

אויס־אַסטן — טרוו. פאַסט אויס, ~געפאַסט.

פּטמ. דזוו אויספאַסן ←.

אויספאַסירן — אוטוו, דריטפּערזאָניק.

פאַסירט אויס, ~(גע)פאַסירט. אויך מיט ז י ך.

פּטמ. געשען, זיך טרעפֿן (בלויז וועגן זעלטענע פּאָרקומענישן). וואָס עס קען אַלץ א, אויף דער וועלט! אַזאַ מעשׂה פאַסירט זיך אויס איין מאָל אין אַ יובֿל.

אויספאַסמאַקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~(גע)פאַסמאַקעוועט. 1. אויפֿעסן און דערבײַ אַרויסווײַזן גרויס הנאה. א, יעדער ביינדל פֿון דער געבראָטענער קאַטשקע. א אַלע

מאכלים. 2. עפּעס איבערגעבן און אַרויסווײַזן גײַסטיקע הגאה, התפּעלרת (פֿון רייו,

אויספאַסמאַקעווען זיך

מעשׂים). א, די מעשׂיות וועגן דעם רבינס מופֿתים.

אויספאַסמאַקעווען זיך — ← דפֿוו.

1. זיך אָנזעטיקן מיט הנאה פֿון עסן אָדער טרינקען; אַרויסווײַזן חושימדיקן פֿאַרגעניגן.

א, זיך מיט דער סעודה, מיט דעם גוטן ווײַן
אאַזוו. 2. בולט (אָפּט שרײַאיק) אַרויסווײַזן
פֿאַרגעניגן פֿון גײַסטיקן אויפֿטו. א, זיך מיט
אייגענע וויצן.
אויספּאַסן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. פּאַסט
אויס, ~געפּאַסט. פֿטמ. אָנשטיין; שטימען מיט
דער ווערדע (חשיבֿות). עס פּאַסט איר ניט אויס
אַרומצוגיין מיט אים. בעטן זיך פּאַסט מיר
ניט אויס.
אויספּאַסן — טרוו. פּאַס אויס, ~געפּאַסט.
1 ▯ אינגאַנצן פֿון אַלע זײַטן פּאַסן אַ מלבוש
,
(אויף אַ קונד וואָס האָט אים באַשטעלט). א,
דעם גאַרניטער, די מאַרינאַרקע, דעם פּאַלטן.
2. דערגרייכן אַז די מאָס זאָל זײַן אַ ריכטיקע
(בײַ אַלע מינים מלאָכה, אַרבעט). א, די
לײַסטלעך פֿאַר די פֿענצטער; א, די קאָפּיטע פֿאַרן
שוך. 3. אַזוי פּאַסן אַז עס זאָל אויסזען
גוט (הגם עס האָט אַ פֿעלער). „א, איז
שווערער ווי אויפֿנייען„, שוו. „אַז עס פּאַסט ניט,
פּאַסט מען אויס!“, שוו.
אויספּאַסעווען — טרוו. ־סעווע אויס, ~
געפּאַסעוועט. 1. מאַכן, אויסשנײַדן פּאַסן. א,
לעדער. 2. אויסשמײַסן אַזוי אַז עס זאָלן

בלײַבן פּאַסן אױפֿן לײַב. א, דעם הינטן.
אױספּאַסען — . טרוו. ־סע אױס, ~געפּאַסעט.
דזוו אױספּאַשען ←. [אױך אין וורר און אוקר, מיטן־גאַליציע, וואו ס'ווערט אָפּגעהיט דער חילוק ש:ס].
אױספּאַסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אױספּאַסן, טרוו.
„זי איז די א'קע בײַ די טײַערסטע ווײַבערשע פּעלצן“.
אױספּאָספּ‍ען, ~פּאָספּייען, ~פּאָספּעI.
יען — אוטוו. ־פּיִע, ־פּייע, ־פּעיע אױס; ~פּאָספּיִעט, ~פּאַספּייעט, ~פּאָספּעיעט. סל.
דערווײַזן, האָבן צײַט (מעגלעכקייט) צו פֿאַרענדיקן טאָן (ביזן סוף אָדער אַ צאָל זאַכן).
„ווי קען איך א, די קינדער אָנצוקאָרמען, די וועטשערע אױסצוקאָכן, די שטוב אױפֿצוראָמען — און דאָ בין איך אַליין אױך ניט געזונט!“, רייד.
אױספּאַסקודיען, ~פּאַסקודע(נע)ן — טרוו. ־ד(י)ע אױס, ~געפּאַסקוד(י)עט. אױך: ~פּאַסקודזיען, ~פּאַסקודזשען.
אױסבּרודיקן, אױסחזירן. א, דעם דיל מיט מייקעכץ. א, דעם שמועס מיט מיאוסע רייד.
אױספּאַסקודנ אַ'קעווען — אוטוו. ־קעווע

י

אויס, ~פּאַסקודנ אַקעווּעט. אַרויסוויַזן

מיי

אוסן כאַראַקטער (דורך מעשׂים). ,,געווען איז

ער ביַ אונדז סך־הכּל איין חודש צײַט און

האָט אויספּאַסקודניאַקעוועט אַזוי אַז עס איז

אויססא ל — טרוו ־פּל אויס, ~געפּאַפּלט

ע .

פֿארבליב א עיפּוש אויף אַ יאָר,,, רייד.

-

[אין לשון צו קינדער] אינגאַנצן אויפֿעסן.

,,מיַין זיס ייִנגעלע וועט א, אַ טעלערל קאַשע,,.

אויספּאַפּן — טרוו. פּאָפּ אויס, ~געפּאַפּט.

אויסשמירן מיט פּאַפּ, אויסקלייען,

אויסקלייסטערן. א, די אָביצעס, פּאַפּיר, טאַקטור אע.

3()2

אויספּאָפּקע(ווע)ן, ~פּאָפּקענען — טרוו.

־קע(ווע) אויס, ~געפּאָפּקע(ווע)ט. לר. 1. אויספּוצן, אויסצירן ווי אַ ליאַלקע. 2. אויסטאָקן, מאַכן אַ פֿיגורל. א אַחשורושן און אסתּר

,

המלכּה.

אויספּאָפּראַוועט — טרוו. ־ראַווע אויס, ~ פּאָפּראַוועט. סל. 1. אויספֿאַרריכטן. א, די מאַשין. 2. אויסריכטן, צוגרייטן. א, אין וועג אַרײַן.

אויספּאָפּראַוועט זיך — ← דפֿוו. ווערן פֿעטער, געזינטער. נאָך דער קראַנקייט זיך א, אויף טשע.

ד

אויספּאָסן זיך — אוטוו. פּאָף זיך אויס, זיך ~געפּאָפּט. אויסשלאָפֿן זיך; שלאָפֿן אַ לענ־ גערע צײַט (אָפּט ווענן אַ פֿוילן).

אויספּאָצאַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~(גע)־ פּאָצאַפּעט. טל. אויסכאַפּן. דערטאַפּן, אַרויסקריגן. א, פֿון אונטער די הענט. א אַ מציאה.

,

אויספּאַצקען — טרוו. פּאַצקע אויס, ~

געפּאַצקעט. לד. דזוו אויספּאַטשקען ←.
אויספּאָקוטעווען זיך — אוטוו. ־טעווע זיך
אויס, זיך ~פּאָקוטעוועט. אָפּקומען פֿאַר זינד
(ספּעצ וועגן ניט־ייִדן, פּעיאָ וועגן ייִדן).
אויספּאַקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויספּאַקן.
אויספּאַקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~
געפּאַקירט. (סוחריש) דזוו אויספּאַקן ←. (ספּעצ
וועגן סחורה וואָס קומט גוט אײַנגעוויקלט
און אײַנגעפּאַקט). א, קרעלן, בראָשקעס
אאַזון.
אויספּאַקן — טרוו. פּאַק אויס, ~געפּאַקט.
1. אַרויסנעמען פֿון פּאַק, זאַק, קאַסטן אע.
(נעמט אויך אַרײַן: אויסוויקלען פֿון פּאַקונג,
אַוועקלייגן אויף אַן אָרט). „קרעמער ווייסן
שוין הײַנט נישט אויף וואָסער זײַט די
דאַשקעס שטייען זיי...ראָזשינקעס אויסצופּאַקן,
אויסצוּוועגן...“, ווײַס, אַ שטעטל. 2.
אײַנפּאַקן מיט אַ סדר, פֿאָרזיכטיק. גלאָזוואַרג
דאַרף מען גוט א, אין פּאַפּיר און אין
שמאַטעס. מיט ז י ך — 1. אַרויסנעמען זאַכן פֿון
פּאַק (טשעמאָדאַן אע), גלײַך נאָכן קומען אויף
אַן אָרט. 2. אַרויסקומען מיט עפּעס וואָס
איז געווען אַ סוד, באַהאַלטן. „חבֿרה האָבן

אים אָנגעצויגן, האָט ער זיך אויסגעפּאַקט,
וו אַזוי ער...".
י

אויספּאָקן — אוטוו. פּאָק אויס, ~געפּאָקט.
אַרויסקומען, אויפֿרײַסן (וועגן אַ פּאָק, פּאָקן).
„מע האָט דעם קינד געשטעלט פּאָקן און
ביידע העטלעך האָבן אויסגעפּאָקט", רייד. מיט
ז י ך — 1. אויפֿהערן קראַנק זײַן אויף פּאָקן.
„ס'איז נאָר ווינטפּאָקן און עס פּאָקט זיך גיך
אויס". 2. באַווײַזן זיך ווי פּאָקן. „דעם בחורס
פּנים האָט זיך אויסגעפּאָקט מיט פּרישטשעס".
אויספּאַקעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געפּאַקעוועט. דזוו אויספּאַקן ←, געווייינטלעך מער
געדויערדיק. "טאָמער וואָלט געוועז אַ סבֿרה,
דו זאָלסט העלפֿן א, די זאַכן, אויסשטעלן דאָס
מעבל,,, שע, גלות דאַטשע.
אויספּאַקעכץ — דאָס, ־ן. אײַנפּאַקעכץ,
מאַטעריאַל אין וואָס עס איז אײַנגעפּאַקט סחורה:
פּאַפּיר, שטרוי אע. אַרויסטראָגן דאָס א, און די
ליידיקע קאַסטנס.

אויספּאָרעכץ

אויספּאַקעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע

אויספּאַקונג.
אויספּאַראַדירט — אַדי. אויך: אויסגעפּוצט,
עלעגאַנט, איר.
אויספּאַראַדירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
פּאַראַדירט. 1. אויספּוצן יום־טובֿדיק,
עלעגאַנט. 2. דזוו אויספּאַראַדעווען ←.
אויספּאַראָדירן —. טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
פּאַראָדירט. נאָכמאַכן אין אַלע פּרטים,
אויסלאַכן. „דער קאָמיקער קען אַליין קיין טיפּ
ניט שאַפֿן, אָבער ער קען גוט א אַנדערע
קאָ,

מיקערס“.
אויספּאַראַדעווען — ־עווע אויס, ~
פּאַראַדעוועט. אוטוו — פּלוצעם איינאָרדענען אַ
פּאַראַד. א, לכּבֿוד דעם זיג. טרוו — עפּעס
אויפֿטאָן, אויסדריקן דורך מאַכן אַ פּאַראַד. א,
פֿרייד פֿון זיג.
אויספּאַראָנדקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~(גע)פּאַראָנדקעוועט. אויך: ~פּאַראָ'
נדיקן. 1. מאַכן אָרדענונג (איר בײַטעם).
אויפֿטאָן עפּעס דורך איינשטעלן אָרדענונג,
סדר. א אַ פּאַראַד, מאַרש, באַל. 2.
קאָ,

מאַנדעווען, אַרויסגעבן באַפֿעלן.
אויספּראָשען — טרוו. ־שע אויס, ~
געפּראָשעט. סל. דזוו אויספּראָשען ←.
אויסשטויבן.
אויספּאַרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּאַרען (זיך).
אויספּאָרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּאָרן.
אויספּאַרטאַטשעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געפּאַרטאַטשעוועט. פֿאַרענדיקן אַרבעט אויף
אַ שלעכטן, ניט גענױענעם אופֿן. א אַ פּאָר

,

הויזן; א, די היימאַרבעט.
אויספּאַרירן —— טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
פּאַרירט. אויסגלײַכן, אײַנשטעלן פּאַריטעט.
אויספּאָרן — טרוו. פּאָר אויס, ~געפּאָרט.
1. אויסשטעלן אין פּאָרן. א, די קינדער פֿאַרן
שפּאַציר. 2. מאַכן, געפֿינען אַ פּאָר (אַן ער
פֿאַר אַ זי און פֿאַרקערט). א, קאָרטן. א, די
בחורים און די מיידלעך פֿון דער קאָלאָניע.
אויספּאָרן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. ווערן
אַ פּאָר. „ווען מע האָט געשיקט אַ לערער מיט
אַ לערערקע אין אַ שטעטל, פֿלעגן זיי

געוויינטלעך זיך אַ, און חתונה האָבן,,, רייד.
אויספּאָרסקען — אוטוו. ־קע אויס, ~
געפּאָרסקעט. פּלוצעם, מיטאַמאָל אַרויסבּרענגען
קלאַנגען, ענלעכע צו פּרס־פּרס, פון (ווי) אַ
פערד. ,,די קליאַטשע האָט פּלוצעם
אויסגעפּאָרסקעט און פון דער ווײַט האָט זיך דערהערט
אַ פּאָרסקען פון אַנדערע פערד“. פּפ:

-

~פּאָרסקען, ~פּאָרשקען, ~
פּאָרשקען.
אויספּאָרסקען זיך — אוטוו. ←דפוו.
פּאָרסקען (וועגן אַ פערד אָדער ווי אַ פערד) און
אויפהערן.
אויספּאַרעכץ — דאָס, ־ן. פּראָצעס, טואונג
פון אויספּאַרען (זיך) אין באָד (אויף דער
אייבערשטער באַנק, מיטן דורכשמײַסן זיו
מיט אַ בעזעמל).
אויספּאָרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). (
אומגעראָטענע) אויספּאָרונג.

אויספּאַרען

אויספּאַרען — אוטוו. ־רע אויס, ~געפּאַרעט.
1. ביסלעכווײַז אַריבערגיין פון צושטאַנד פון

פֿליסיקייט אין צושטאַנד פֿון גאַז. וואַסער אין
אַ פֿלאַכן טעלער פֿאַרעט גיכער אויס ווי אין אַ
קרוג. 2. פֿאַרשווינדן, נישט ווערן (אַזוי ווי
וואַסער וואָס פֿאַרעט אויס). „דורך די
שרעקלעכע היצן פֿאַרען אויס פֿון מוח אַלע בעסערע
געדאַנקען“, פּרץ.
אויספֿאַרען — טרוו. ← דפֿוו. 1. מאַכן עס
זאָל ווערן פֿאַרע. א, דאָס וואַסער, די גאַנצע
פֿליסיקייט. 2. דורכנעמען מיט פֿאַרע,
אויסרייניקן מיט פֿאַרע. אָפֿט מיט ז י ך. ספּעצ:
גיין אין מרחץ, שוויצבאָד, זיך לאָזן דורכנעמען
פֿון הייסער פֿאַרע (זיך שמײַסן מיט אַ
בעזעמל). ← אויספֿאַרעכץ. א, זיך די
ביינער. „מע פֿאַרעט אויס דאָס גרעט, מע
פֿאַרעט זיך אויס אין מרחץ אויף דער
אייבערשטער באַנק...„ אפֿא, געטראַכט מיט
עבריטײַטש. „פֿאַרע איך מיך קיין עין־הרע אויף
אַלע זײַטן“, שע. 3. אָפּפֿאַרען, אָפּגיסן מיט
קאָכעדיק וואַסער. „מע דאַרף אים אַ ביסל א,
מיט הייסע וואַסער א□ן אים לאָזן זיך אַ ביסל
דורכלופֿטערן“, נאַד. זן אויך: ~פֿאַרעווען.
„[אַ סגולה צו פּאָרך:] אַ האַלב פֿונט ווייך
חזיר־פֿעטס...קאָכן מיט ווײַנעסיק, ביז דאָס
עסיק וועט זיך אינגאַנצן א, [און אַרויפֿשמירן]“,

טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, לאָדז 1910 ( )
אויספּאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~געפּאָרעט.
1. אויסהוילן, אויסדאָלבען; אויסקאַלופּען. א,
אַ לעכל. א, די נאָז. 2. אויספּועלן,
אויסכלאַפּאָטשען. א, אַ פּאַס, אַ לגאָטע אע.
אויספּאָרען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך
גרייטן, פֿאַרטיק מאַכן. לאַנג, פּאַמעלעך טאָן
(פֿאַרשיידענע) אַרבעט ביזן פֿאַרענדיקן. „
צוגרייטן אַ סדר פֿאַר עטלעכע צענדליק פּאַרשוין
איז ניט קיין קלייניקייט. חנה און די טעכטער
האָבן זיך נישט געקאָנט א'„ באַש, פֿאָר, 1948
2 .20 III. אַרומדרייען זיך, כּלומרשט
אַרבעטנדיק. „אַ בריה פֿון אַ ייִדענע, פּאָרעט זיך
אויס אַ גאַנצן טאָג אין קיך — און קיין
וועטשערע איז ניטאָ!“, רייד.
אויספּאַרעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויספּאַרען (זיך).
אויספּאָרעניש — דאָס (די), ־ן. 1. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויספּאָרען (זיך).
2. אויספּאָרונג.
אויספּאָרפּלען זיך —. אוטוו. ־פּל זיך אויס,
זיך ~געפּאָרפּלט. אויסדרייען זיך,
אויסוויקלען זיך (פֿוו אַ פּלאָנטער, נעץ). א, זיך פֿון די
שטריק.

-

פֿומירט. אויך: ~פּאַרפֿיומירן. 1.
גרינטאויספּאַרסומירן — טרוו. ־יר אויס, ~

פּאַרלעך פּאַרפֿומירן; באַשפּריצן מיט פּאָרפֿום אַ
צאָל (קליידער, טיילן פֿון קערפּער, פּערזאָנען).
2. אויסרייכערן (מיט פּאַפּירלעך, קוילן, כּדי
צו פֿאַרטרײַבן אַ שלעכטן ריח). א, די שטוב.
אויספּאָרקען — ־קע אויס, ~געפּאָרקעט.
אוטוו — דורכזוכן, דורכנישטערן. א, אין
(צווישן) אַלע זאַכן, שופֿלאָדן, ווינקעלעך. טרוו
— אויספּאָרען בּ1 ←.
אויספּאָרקען זיך — אוטוו. דזוו אויספּאָרען
זיך ←.

303

אויספּאָרקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויספּאָרקען (זיך).
אויספּאַרשיוועט — אַדי. באַדעקט מיט
קרעץ. אַ הונט מיט אַן א'ער פֿעל.
אויססאַרשיוו(עי)ען זיך — ← דפֿוו. פּר

(צויזמער). (שפּאַסיק, אומאיידל). 1. זיך אויסמענטשלען. 2. פּטור ווערן פֿון צרות, קרענק.

אויספּאַרשיווען — טרוו. ־ווע אויס, ~ געפּאַרשיוועט. פּר. סל. מאַכן עקלדיק, אָפּשטויסנדיק; (שיכורערהייט זיך שלאָגן און) אָנבּרעכן. א, די ליאַמע.

אויספּאַשונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון אויספּאַשען. 2. אויספֿיטערונג, אויספֿעטונג. אַן א, אויף דער דאַטשע.

אויספּאַשן — טרוו פּאַש אויס, ~געפּאַשט. 1. אויסטאַשן (קאָרטן). 2. (גנבֿיש) אויספֿאַרקויפֿן געגנבֿעטע זאַכן.

אויספּאַשען — טרוו. ־שע אויס, ~געפּאַשעט. 1. האַלטן (די גאַנצע נייטיקע צײַט) אויף פּאַשע, לאָנקע; אויספֿיטערן. א, בהמות, די טשערעדע אע. 2. אויסקאָרמען, מאַכן פֿעטער. א אַ בײַכל. א, דאָס איידעמל. אויסגעפּאַשעט

,

ווערן אויף גוטע קעסט.

אויספּאַשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך אָנעסן (וועגן בעל־חי). „און מײַן פֿערד וועט זיך אויך אַ ביסל א'“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.

2. קומען צו די כּוחות, ווערן שטאַרקער,
פֿעטער. „אַצינד אָבער האָט זיך יאָסעלע דאָרט
גוט אויסגעפּאַשעט“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי...
אויספּגרן — [...פּייגערן] אוטוו. פּגר אויס, איז
~געפּגרט [האָט — זייער זן, אין
קינדערלשון, אין גראָדנער, דווינסקער קרײַזן].
אויסשטאַרבן — וועגן בעלי־חי און פּעיאָ וועגן
מענטשן. קללה: דײַן גאַנצע משפּחה (
פּאַראַפֿיע, געזינדל) זאָל מיר א, אין איין נאַכט.
„גאָט זאָל צוהערן דעם פּאַסטעך, וואָלטן אַלע
שאָף אויסגעפּגרט“, שוו.
אויספּדיונען — [...פּי'דיענען] טרוו. פּדיון
אויס, ~געפּדיונט [~פּי'דיענט]. 1. לייזן,
אויסלייזן (אָפּט איר). „זאָג נאָר, גערעַטענער
סוחר מײַנער, וואָס האָסטו הײַנט
אויסגעפּדיונט?“ 2. דערגרייכן דאָס באַגערטע,
ראַטעווען פֿון סכּנה דורך געבן אַ חסידישן רבּין
אַ פּדיון. „מעשׂות ווי אַזוי מע האָט זיי
אויסגעפּדיונט בײַם טשערנאָבילער רבּין“, אונגער,
טמז, 1956 ▯ 13.
אויספּובליקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~
פּובליקירט. גוט, גרינטלעך באַקאַנט מאַכן,
אָפּדרוקן אין אַ צאָל אויסגאַבעס; צעשפּרייטן
ידיעות וועגן ענינים. א, אין דער גאַנצער

פּרעסע. א, אַלע פּרטים.
אויספּודערן — טרוו. ־ער אויס, ~געפּודערט.
1. באַשיטן מיט פּודער (אינגאַנצן אָדער אַ צאָל זאַכן). נאָכן באָדן דאַרף מען דאָס קינד גוט א'. 2. אויסטרייסלען פּודער. א, דעם האַנטעך.
אויספּודערן זיך — דפֿוו. ספּעצ: באַפּודערן דאָס פּנים (אויך אַנדערע טיילן פֿון קערפּער) כּדי אויסצוזען שענער. זי האָט זיך אַרומגעשמירט די אויגן און זיך אויסגעפּודערט.

אויספּוישטן

אויספּוטע(נע)ן — טרוו. ־טע אויס, ~ געפּוטעט. פּפּ. ~פּוטעווען. סל. 1.
אויספּלאָנטערן. א, דעם קנויל באַוול. 2. אַרויסדרייען, אַרויסבאַפֿרײַען פֿון אַ שווערער סיטואַציע. א, פֿון אַ פּראָצעס. ,,חבֿרה 'מתּיר אסורים, וואָס העלפֿט אויסצופּוטעווען אַלע גנבֿים פֿון זייערע פּראָצעסן דורך פֿאַלשע עדות אד,,גל“, ייִפּאָל, 1889, יאַנואַר, בײַלאַגע 3.
אויספּוטע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿון. זיך אַרויסדרייען (פֿון אַ שווערער פֿאַרוויקלטער
,

לאַגע). זיך א, פֿון די חובֿות. זיך א, פֿון אַ
צרה.
אויספּוטערן — טרוו. ־ער אויס, ~געפּוטערט.
1. באַשמירן מיט פּוטער. א אַ בלעך פֿאַרו
,
באַקן. 2. אונטערשמירן, אונטערקויפֿן. א,
דעם באַאַמטן, קנעפּל, אָדון. 3. אויסשלאָגן
פּוטער. אַרכ. „איינער דער דיא פּוטר אויז
פּוטרט דער איז חייב פֿון וועגן דז ער קלויבט
אויז דעם גוטן“, לט1, עה/א.
אויספּוטשען — אַקוזוו. ־טשע אויס, ~
געפּוטשעט. סל. אויסשטעלן, אויסגלאָצן (די
אויגן).
אויספּויזען — אוטוו. ־זע אויס, ~געפּויזעט.
אויסקריכן. אַ קינד, איידער עס הייבס אָן גיין,
פּויזעט אויס אין אַלע ווינקעלעך.
אויספּויען — טרוו. פּויע אוי, ~געפּויעט.
דזוו אויספּאָיען ←.
אויספּויקן —. טרוו. פּויק אויס, ~געפּויקט.
1. אויסשפּילן עפּעס אויף אַ פּויק,
אויסבאַראַבאַנעווען. א אַ מאַרש. 2. דורך פּויק(ן)
,
צונויפֿרופֿן, לאָזן וויסן וועגן עפּעס. א אַ
,

פֿאַרזאַמלונג. *א, פֿאַר זײַן קראָם, זײַן שטובֿ = לאָזן וויסן אַז ער צאָלט ניט מער קיין חובֿות. *שוין געוואָלט לאָזן א, = שוין געווען זיכער אַז דו באַנקראָטירסט (אַנטלויפֿסט). „ווען איינער האָט אַ זאַך פֿאַרלוירן, פֿלעגט מען אויך א, אויף דער אַבֿידה„,, ספּ, קאַליקעס, ווילנע, תּרס"ג.

3. אויסדערציילן, צעטראָגן אַ סוד. א, איבער דער גאַנצער שטאָט. „האָט ער זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָט אויסגעפּויקט אין חדר", שע, 'דער אתרוג'. „ווען ער זאָל נישט געווען א, אין דאַרף אַז איך מיט דיר האָבן געוואָלט אַרויסגנבֿענען רחלען", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 4. מיט פּאַראַד, אויף אַ שרײַאיקן אופֿן לאָזן וויסן, פֿאַרשפּרייטן אַ ידיעה. „איך בין אַרויסגעקומען אויף דער בערזע און האָב אויסגעפּויקט אַז איך האָב צו פֿאַרקויפֿן אימעניעס", שע, מנחם־מענדל. „הערט ווי זיי פּויקן אויס דאָס חסידישע האַרצרײַסעניש — עס הילכט...", פּרץ, 'פֿונדאַמענט און דאַך'. 5. שטאַרק אויסלויבן. א, יעגעמס שס. א, זײַנע שבֿחים.

אויספּויקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויספּויקן.

אויספּויקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך פּראָפֿעסיאָנעל מיט אויספּויקן; אויסשרײַער. שיקן דעם א, פֿאַר זײַן קראָם. 2. ווער עס קען קיין סוד ניט האַלטן, ווער עס פֿאַרשפּרייט (אמתע און ניטאמתע) ידיעות.
אויספּוישטן — טרוו. פּוישט אויס, ~ געפּוישט. באַדעקן מיט פּעלץ. א אַ האַנטבײַטל.

,

אויספּוישן

אויספּוישן — טרוו. פּויש אויס, ~געפּוישט. מאַכן אַרויסשטאַרצנדיק, בולט; אויסבויכן; אויפֿבלאָזן. א, דעם בויך, דעם זאַק.
אויספּוישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. קריגן אַ בולטן בויך. ער איז פֿעט געוואָרן און זיך אויסגעפּוישט. 2. זײַן שוואַנגער אויף אַ קאָנטיקן אופֿן.
אויספּוכן — טרוו. פּוך אויס, ~געפּוכט.
1. באַפֿרײַען פֿון פּוך. א, די קאַנאַפּע, אַ בגד אאַ. 2. אַרײַנגעבן (מער) פּוך. א, אַ קישעלע.
אויספּוכנ(י)ען, ~פּוכקען — דזוו אויספּעכנען ←.

אויספּוכען — אַקוזוו. ־כע אויס, ~געפּוכעט.
סל. אויסשטעלן, בּולט אַרויסרוקן (דעם
בּויך). א, דעם בּויך, די טרעמבּע.
אויספּולווערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפּולווערט. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי פּולווער,
צערײַבּן אין גאָר דינע טיילכעלעך. "אַפֿילו
אַ שטיין קען מען א', ווען מע האַקט אים
גענוג לאַנג — און אַ האַרץ אַוודאי",, רייד.
אויספּולווערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך
ווערן אַזוי ווי פּולווער (מחמת פֿוילונג).
,,דער אַלטער בּוים האָט זיך פֿון אינעווייניק
אויסגעפּולווערט".
אויספּולי[?]ןולעז (לר, זאַמעט). ־]. בּאַדעקן מיט
— טרוו. ־ליע אויס, ~געפּוליעט.
אויך: ~
שטויבּ, אויפֿהייבּן שטויבּ (דורך גיין, פֿאָרן).
די אויטאָס פּוליען אויס דעם טראַקט, וועג.
2. בּאַפֿרײַען פֿון שטויבּ (דורך טרייסלען,
אויסקלאַפּן). א, די קאָלדרעס. אָפּט מיט ז י ך.
,,האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט זיך
אָנגעהויבּן אויסצופּולען", אמד, די דרײַ לאַנגע
ווינטערנעכט, וואַרשע 1876.
אויספּומפּ(ע)ן — טרוו. פּומפּ(ע) אויס,
~געפּומפּ(ע)ט. 1. דזוו אויספּאָמפּ(ע)ן ←.

2. (גנבֿיש) אויסשטעכן.

אויספּונדלען — טרוו. ־דל אויס, ~געפּונדלט. לאָקל (ווילקאָמיר און אומג,, ליטע). אויכובֿינדן (פֿלאַקס) אין בינטלעך. א, דעם פֿלאַקס, איידער מע שיקט אים אין פּרײַסן.

אויספּונקטואירן, ~פּונקטירן ־—. טרוו. ־טואיר, ־טיר אויס, ~(גע)פּונקטואירט, ~(גע)פּונקטירט. אויסשטעלן די אָפּשטעלצייכנס, אָדער אַנדערע מינים צייכנס וואָס העלפֿן ‎ײַם לייענען. א, אַ טעקסט, די לעצטע שורה אע.

אויספּוסטעווען — אוטוו. ־עווע אויס, ~ געפּוסטעוועט. דזוו אַוועקפּוסטעווען ←.

אויספּוסטעפּאַסעווען — טרוו. ־סעווע אויס, ~(גע)פֿוסטעפּאַסעוועט. עפּעס דערגרייכן, אויפֿטאָן דורך אַרומגיין ליידיק. ,,מע דאַרף פֿאָרן קיין אַמעריקע. וואָס וועט מען א, בײַ אונדז אין שטעטל?“, בריוו. אויך אוטוו — סתּם פּטרן צײַט מיט גאָרניט. א, אַ גאַנץ יאָר [אַקוז פֿון צײַט].

אויספּועלן — [...פּוי'עלן] טרוו. פּועל אויט, ~געפּועלט. 1. אויספֿירן, דערגרייכן, ברענגען צו באַגערטן רעזולטאַט. ,,מישטיינס געזאָגט, וואָס מע קען א, מיט דער גאַנצער

מי, אַז קיין ברעקל מזל איז ניטאָ!“, רייד.
2. אויסווירקן, אויסכלאַפּאָטשען, דערגרייכן עפּעס דורך איבעררייַדן, בעטן. א, בײַם פּריץ

די אַרענדע. „אין בית־מדרש האָט ער אויסגעפּועלט די באַנק נעבן דער טיר צו שלאָפֿן“, אַר, 'היימישע מענטשן'. „....האָט מען מיט גרויס השתּדלות אויסגעפּועלט בײַ דער צאַרישער רעגירונג“, לדב.
אויספּוץ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויספּוצן.
2. מיטל צום אויספּוצן (זיך). דער א, טרעפֿט אָן אַ מטמון.
אויספּוצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּוצן.
אויספּוצן — אַקוזוו. פּוץ אויס, ~געפּוצט.
לד. ← אויספּוטשען. אויסשטעלן, אַרויסרוקן. „דער בעל־שם האָט אויסגעפּוצט אויף אים די אויגן“, אמד. „ער הייבט פּיסלעך, פּוצט אויס דאָס בײַכל, פֿאַרוואַרפֿנדיק אַהינטער דאָס קעפּל“, ממוס, ווינטשפֿ.
אויספּוצן — טרוו. פּוץ אויס, ~געפּוצט.

1 מאַכן ריין, עס זאָל שײַנען. א, די שיך, די
ציין. אויסבאַרשטן. „דערזען אַ שטויבעלע
אויף איר ליבלינגס אָנצוגל, אַזוי האָט זי אים
נאָך אַ מאָל אויסגעפּוצט„, סמב. 2. מאַכן
שיין (מיט קליידער, צירונג, מעבל אאַ).
אויסצירן, אויסצאַצקען. זי א, ווי אַ בת־מלכּה.
„איך וועל איר א„ הערט איר, אַ פּאַלאַץ, ווי
פֿאַר אַ פּרינצעסין“, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.
3. אויסרייניקן, לויטער מאָכן. „די וועלט
איז נאָר אַ פֿאָרהויז אויסצופּוצן אין איר די
נשמה און זי אויסצורייניקן, איידער זי וועט
אַרײַנגיין אין פּאַלאַץ...“, לעאָן, איבז
פֿײַער,
בערג, וואוהין. 4. אַרויסשטעלן פֿון דער
גוטער (בעסטע) זײַט. אַ גוטער שדכן ווייס ווי
אויסצופּוצן אַ שידוך. „מיר האָב געזען ווי
ווערטער קענען אַ שרץ א'“, אפֿא.
5. אויסריידן, אויסזידלען; באַשטראָפֿן.
פֿאַר אַזעלכע מעשׂים טובֿים דאַרף מען אים
„ — —
גוט א'“.
אויספּוצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ספּעצ: מאַכן
זיך שיין אין אויסזען (מיט קינסטלעכע

מיטלען, מיט קליידער, צירונג). א, זיך נאָך דער
(לעצטער) מאָדע. „אַז די באָבע פּוצט זיך
אויס, זעט זי אויך יונג אויס“, שוו. „איך וועל
איר געבן אַ מתּנה. ז ווועט אַ שבת, אַ יום־טובֿ
זיך א, און זיך באַרימען פֿאַר אירע חבֿרטעס„„
ממוס, קליינמענטשעלע. „אויסגעפּוצט זיך נאָכן
רעגן האָט דער הימל שטילערהייט, אָנגעטאָן
זײַן זילבער־צירונג און זײַן בלויע יום־
טובֿקלייד“, יהואָש, 'זומערנעכט'. א, זיך שבתדיק,
יום־טובֿדיק, פֿאַר לײַטן.

פּפֿ: וו אַן אַלמן נאָך שלושים, ווי אַן
אויפֿי

געקומענער בעדער; ווי צום טאַנץ, צו אַ
חתונה, צו אַ באַל אאַ, ווי אַ ייִדענע (חוהלע,
חיהלע, כיענעלע, ציפּעלע) צום גט, ווי אַ
ייִדענע אין קימפּעט, ווי אַ כלה אונטער דער חופּה,
וו אַ כל ה־מויד, (־מיידל), ווי אַ חתן־בחור,
י
(אונטער דער חופּה); ווי אַ מלך, מלכות,
מאָנאַרכ(ע), פּרינץ, פֿירשט, גראַף, פּריץ; ווי
אַ מלכּה, בת־מלכּה, פּרינצעסין, קייסערינע,
גראַפֿינע, פּאַניענקע; וו אַ ליאַלקע, טעקעלע;
י
ווי אַ גוי (צו דער פּגירה, אין קלויסטער),

אאַ. *א, (זיך) אין עסיק און אין האָניק =
אויף אַ רײַכן שטייגער, עס זאָל זיך וואַרפֿן
אין די אויגן. *א, זיך מכּות רצח = איר, עס
זאָל רײַסן די אויגן. „ממש ווי אַ פֿראַנט אַ

אויספּיאַווקען

[illegible] [תּן אויסגעפּוצט זיך מכּות רצח, נאָר עס בעט
זיך אויפֿן קאָפּ נאָך אַ צילינדער“, ר, מרדכילע,
'נאָטקע קאַפּאָטקע,.
אויספּוצעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויספּוץ, אויספּוצונג (אויך מיט ביטול). אַן א,
ווי בײַ אַ מ[illegible]וגענער פּריצטע.
אויספּוצעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויספּוצן. אויספּוץ. [אייו
מיט איר בײַטעם].
אויספּוצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס האָט ליב (זיך) אויסצופּוצן; דער
וואָס פֿאַרנעמט זיך פּראָפֿעסיאָנעל מיט
אויספּוצן. 2. שטראָפֿרייד, שטראָף. געכאַפּט אַן
(דעם אמתן) א'.
אויספּוצערײַ — ־ען. 1. דאָס — אָרבעט

פֿון אויספּו␣ן. 2. די — וואַרשטאַט וואו מע פּוצט אויס. אָפּגעבן אַ הוט אין א'.

אויספּוצעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ (דער שטייגער פֿון) אַן אויספּוצער. וואָס האָט דעם כּוח (די מיטלען) אויסצופּוצן. אַן אַ, בלימל אין לאַץ.

אויספּוצערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון אויספּוצער, פֿון זײַן אויספּוצעויש.

אויספּוצקען, אויספּוצקעניש, אויספּוצקער — פֿטמ. איר וועגן אויספּוצן, אויספּוצעניש, אויספּוצער.

אויספּוקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּוקלען. ,,...ווערט דער ראַנד פֿון דער שײַבע באַדעקט מיט אַ... באַנדאַזש...און דער דאָזיקער שיכט באַקומט אַ לײַכטע א''', בער.

אויספּוקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געפּוקלט. אויסהויקערן, אַרויסשטעלן הויקער, פּוקל; מאַכן שטאַרצן. א, דעם רוקן.

אויספּוקע(ווע)ן — טרוו. פּוקע(ווע) אויס, ~געפּוקע(ווע)ט. לד. אַזוי פֿיל אַרײַנשטאָפּן (אין אַ זאַק, פּאַק), עס זאָל זיך באַקומען הויקערדיק, פּוקלדיק. א, דעם זאַק מיט

בעטגעוואַנט.

אויספּוקען — ־קע אויס, ~געפּוקעט. אוטדו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג אויספּלאַצן מיט אַ קנאַק. דאָס גלעזל פֿון לעמפּל האָט אויסגעפּוקעט. טרוו — מאַכן עס זאָל פּלאַצן. א, די גלעזער מיט אָקרעפּ.

אויספּוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אוי▯פּוקען. קללה: אַן א, אויף אים!

אויספּור(ק)ע(נע)ן — טרוו. פּור(ק)ע אויס, ~געפּור(ק)עט. אויסדאָלבען, אויסדליבען; אויסשטופּן, אויסשטויסן (מיט אַ פֿינגער, הערנער, טעמפּן אָדער שאַרפֿן מכשיר). א, אַן אויג. א אַ לעכל.

,

אויספּטרן — [...פּאַטערן] טרוו. פּטר אויס, ~געפּטרט. 1. אויסענדיקן אַן אַרבעט און זיך באַפֿרײַען, פּטור ווערן פֿון איר. „גענוג צײַט אַוועקגעגעבן, לאָמיר עס א, ווי ניט איז — און דיינו„. 2. אויסגעבן, צעטרענצלען (געלט). א, אַ פֿאַרמעגן.

אויספּיאַווקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געפּיאַווקעט. אויסזויגן (ווי אַ פּיאַווקע), א, בלוט. א, די לעצטע כוחות.

אויספּיאַטנעווען — טרוו. ־נעווע אויס,
~געפּיאַטנעוועט. סל. אויספֿלעקן. א, דאָס גײַע
קלייד.
אויספּיאַנעווען — ־נעווע אויס, ~
געפּיאַנעוועט. סל. אוטוו — שיכּורן בּמשך פֿון אַ
לענגערער צײַט; שיכּורן אַ סך. „וואָס ער
פּ אַנעוועט אויס אויף אַ יאַריד1“ טרוו —
י
אויסבּרענגען געלט אויף שיכּורן. א, אַלץ וויפֿל
מע פֿאַרדינט.
אויספּיאַצקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געפּ אַצקעט. דזוו אויספּאַטשקען ← (מיט מער
י
בּיטול).
אויספּיגמענטירט —, אַדי. וואָס האָט אין זיך
פּיגמענטן, נאַטירלעכע פֿאַרבּ־קערפּערלעך. „די
הויט איז אַנדערש א, — נאָר דאָס איז דער
חילוק צווישן ווײַס און שוואַרץ“.
אויספּיגמענטירן — טרוו. ־טיר אויס,
~פּיגמענטירט. מאַכן עס זאָל האָבּן קאָליריקע
פּינטעלעך. אויסווײַסן און א, די ווענט.

אויספּידען — [קורצער, האַרטער י] טרוו.
־דע אויס, ~געפּידעט. זן. פּאָדאָליע.. □ □ <
□נ□ □נ□ □n. אונטעראײַלן, צויאָגן. „מיר אַרבעטן
אַזוי ווי מיר קענען און מיר ווילן ניט מע
זאָל אונדז א'„.
אויספּיינטן — טרוו. פּיינט אויס, ~געפּיינט.
אַמ□ אויספֿאַרבן, אויסמאַליעווען. „מאָרגן
קומען די פּיינטנערס אויסצופּיינטן דעם
אַפּאַרטמענט“.
אויספּײַניקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּײַניקן. נאָך אַן א, קען
ער מער ניט קומען צו זיך.
אויספּײַניקן — טרוו. ־ניק אויס, ~
געפּײַניקט. 1. אויסמוטשען, אויסמאַטערן;
פֿאַרשאַפֿן יסורים, ווייטיקן (ביזן ניט קענען
אויסהאַלטן מער). א, אין דער תּפֿיסה פֿון
אינקוויזיציע. „וויפֿל [ער] האָט [זײַן קערפּער] נישט
אויסגעפּײַניקט דורך לאַנגע טעג פֿאַסטן, דורך
גאַנצע נעכט אויפֿזײַן, דורך טראָגן אַ רויען
זאַק אויף זײַן לײַב אונטערן העמד...“, אַש,
תּהילים־ייִד. 2. פּײַניקן אַ צאָל. א, אַלע ייִדן
פֿון די געטאָס. 3. אויסראָטן דורך פּײַניקן.
א, יעדן געפֿיל פֿון ווידערשטאַנד.

אויספּײַניקן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
איבערלעבן ווייטיקן, יסורים, צרות. „אימיגראַנטן פֿלעגן געוווּג זיך א, ביז מען האָט געהאַט געלט צו שיקן אַ שיפֿסקאַרטע פֿאַר ווײַב און קינדער“.
אויספּ▯ײַ.ניקער — דער, ־ס. וונ נב. ווער עס פּײַניקט אויס. „הונגער איז דער גרעסטער א,“.
אויספּײַען — אוטוו. פּײַ אויס, ~געפּײַט.
(אומאָפּהענגיקע ליטע צווישן ביידע וועלטמלחמות). פֿונאַנדערטיילן, געבן פּײַען (זכיה, רעכט צו זײַן מיטבאַטייליקטע) אין חבֿרות פֿון קעגנזײַטיקער הילף, קאָאָפּעראַטיוון אע. „מיר בעטן אַלע קאַמאַשנשטעפּערס צו קומען, ווײַל הײַנט אָוונט וועט מען א'“, פֿון אַ פֿאַרבעטונג אין קאָוונע.
אויספּייפּערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפּייפּערט. אַמ. אויסטאַפּעצירן, אויסקלעפּן מיט אָביצעס, וואַנטפּאַפּיר. א, די ווענט, די צימערן.
אויספּײַקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געפּײַקלט.
אויסשפּילן אויף אַ פּײַקל (מעלאָדיע, ניגון).

א, אַ מאַרש. „קויף זיך אַ פּײַקל און פּײַקל
זיך אויס דאָס ליד פֿון דעם בײזן געוויטער“,
ניסענזאָן, מעטעאָרן.
אויספּיכ(ק)ען — פּיכ(ק)ע אויס, ~
געפּיכ(ק)עט. אוטוו — אָנגעשטרענגט און האַסטיק
אויסאָטעמען, אַרויסברענגענדיק קלאַנגען (
ענלעכע צו) פּיך־פּיך. אויססאָפּען. טרוו — דורך
סאָפּען, פּיכען, עפּעס אויסדריקן. א,
אומצופֿרידנקייט, רוגזא אע.
אויספּילדערן — ־ער אויס, ~געפּילדערט.
אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצעם אויסשרײַען;
אויפֿהייבן אַ טומל, געפּילדער. א, און אָנהייבן זיך
שלאָגן. טרוו — 1. דורך פּילדערן עפּעס
אויסדריקן. א, דעם כּעס, די אויפֿרעגונג אע.
2. מיט טומל אויסדערציילן. א, דעם סוד פֿאַר
דער גאַנצער וועלט.
אויספּיל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אויס, ~
געפּיל(□)עט. אבֿק. דזוו אויספּוליען ←.
אויספּילנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~
געפּילנעוועט. פּד. אוקר. 1. אויסהיטן,
אויסהאָדעווען. א, אַ קינד. 2. האָבן די השגחה
איבער אַ צאָל. א, די פֿרעמדע קינדער.
אויספּילעווען — טרוו. ־לעווע אויס, ~
געפּילעוועט. אוקר. 1. דזוו אויספּילנעווען.

2. אויסקעכלען, אויסהיטן אַ קראַנקן (אים מאַכן געזינטער, שטאַרקער). א, די קראַנקע אין שפּיטאָל.

אויספּילפּ(ו)לן (זיך) — דזוו אויספּלפּ(ו)לן (זיך) ←.

אויספּימסן — טרוו. פּימס אויס, ~געפּימסט. אויסרייַבן, איַינרייַבן מיט פּימס. פּאָלירן מיט פּימס פֿעל (פּאַרמעט־מאַכערס, טשערנאָביל).

אויספּינדזלען — טרוו. ־דזל אויס, ~ געפּינדזלט. דזוו אויספּענדזלען ←.

אויספּינטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געפּינטלט. אויסשטעלן פּינטלעך אין (איבער, אונטער) אותיות (כּדי גרינגער צו לייענען). א, די שינען, דעם גאַנצן טעקסט אע. שטעלן דעם אָפּשטעלצייכן פּינטל (פּונקט).

אויספּינקטלעכן — טרוו. ־לעך אויס, ~ געפּינקטלעכט. (זייגערמאָכעריַ) מאַכן פּינקטלעך (־כער). "לאָזט דעם זייגער ביַי מיר אויף עטלעכע מעת־לעת און איך וועל אים א',.. ,,די סאָוועטישע וויסנשאַפֿט...[האָט]

אויסגעפּינקטלעכט דעם פּ . איבער די רוימען,,, אפֿא, טמז,

10 1 19 III.

אויספּיסקלען — טרוו. ־קל אויס, ~

געפּיסקלט. אויסשרײַען. אויסרעדן מיט אַ מענהלשון, איר.

אויספּיסקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויסרעדן, אַרויסבּרענגען אַלץ וואָס מע קען (מע דאַרף) און אויפֿהערן (איר, שפּאַסיק). „זיי האָבן אַלע גערעדט, אויסגעפּיסקלט זיך„, שע.

אויספּיסקעווען — ־קעווע אויס, ~ געפּיסקעוועט. אוטוו — אַרויסקומען, אַרויסטרעטן מיט אַ גרויס מויל; אויסשרײַען. די מאַרקייִדענע פּיסקעוועט אויס. טרוו — 1. אויסזידלען. א, עמעצן, ער זאָל ניט וויסן וואו זיך אַהינצוטאָן. 2. אויסדערציילן וואָס מע דאַרף ניט. „אַז מע פֿלעגט אים דערמאָנען וואָס ער האָט שיכּודערהייט אויסגעפּיסקעוועט, האָט ער אָפּגעענטפֿערט מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע...“, אַש, תּהילים־ייִד.

אויספּיקן

אויספּיעל(י)ע(ווע)ן — טרוו. פּיעל(י□ע(ווע) אויס, ~געפּיעל(י)ע(ווע)ט. אויסיעטן, אויספּאָלע(ווע)ן. א, גראָזן.

אויספּ□ען — טרוו. פּיִע אויס, ~געפּיִעט. סל. פּד. אויסטרינקען (פּעיאָ), אויסשיכּורן.

,,און ער האָט גאָר אויסגעפּיִעט איבער דער
צײַט אַ גאַנצע גאָזשעלניע“, שטריגלער,
אינזלען אויף דער ערד.
אויספּיערגען — טרוו. ־גע אויס, ~
געפּיערגעט. פּד. אוקר. שלעכט, אומריין אויסוואַשן.
,,זע נאָר ווי זי פּיערגעט אויס דאָס גרעט, מע
וועט עס דאַרפֿן איבערוואַשן,,.
אויספּיעשטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געפּיעשטשעט. אויסצערטלען, אויסקעכלען;
אויסבאַלעווען, אויספּאַנקעווען. א, דאָס קינד,
אַלע קינדער.
אויספּיעשטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זיך פֿאַרציִען, זיך חנדלען. זיך באַקלאָגן מיט
אַ ווײנענדיקער שטים. א, זיך פֿאַר דער מאַמע(ן),
פֿאַרן מאַן.
אויספּיפּס(ע)ן — פּיפּס(ע) אויס, ~
געפּיפּס(ע)ט. אוטוו — אַרויסברענגען (פּלוצעם,
מיטאַמאָל) שטילן, דינעם קלאַנג. א, ווי אַ
פֿייגעלע, ווי אַ קליין קינד. טרוו — עפּעס
אויסדריקן דורך קלאַנגען, ענלעכע צו
פּיפּספּיפּס. א, דעם צער.
אויספּיפּקע(ווע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אויס,
~געפּיפּקע(ווע)ט. אין לד: ~פּיפּקענען.
1. אויסרייכערן מיט אַ פּיפּקע. א, אַ פֿונט

טאַבעק. 2. אויסדריקן עפּעס דורך רייכערן
אַ סך. „דער שטאָלצער שלאַנקער דיכטער תּאָט
אויסגעפּיפּקעט זײַן ביטער האַרץ“, יג, תּוך I.
אויספּיצלען — טרוו. ־צל אויס, ~געפּיצלט.
פֿונאַנדערברעכן. אויסטיילן, אויסשנײַדן אויף
קליינע שטיקלעך. א, דאָס ברויט צווישן אַזוי
פֿיל מײַלער. א, אַ בויגן פּאַפּיר, אַ שטיק
לײַוונט אאַזוו.
אויספּיקירן — טרוו. ־יר אויס, ~געפּיקירט.
1. (שנײַדערײַ) אויסריגעווען קלאַפּעס;
אויסשטעכן, צונייען לײַוונט (צום קאָלנער און
לאַצן). א, קלאַפּעס, דעם קאָלנער [אין לאָנדאָן,
בעת דער ערשטער אימיגראַציע־תּקופֿה].
2. אויסשטעכן, אויסשטעבאַלירן;
אויסטאַדלען; אויפֿרייצן דורך שטעכווערטלעך.
אויספּיקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געפּיקלט.
לד. פּפֿ: ~פּעקלען. 1. אויסרײַבן מיט
זאַלץ, געווירצן, לאָרבערבלעטער און האַלטן
אַ לענגערע צײַט (פֿאַרשיידענע מינים פֿליישן).
א אַ צונג, אַ שטיק ברוסט. 2. אויסזײַערן.
,

אַמ. א, אוגערקעס. א, הערינג.
אויספּיקן — טרוו. פּיק אויס, ~געפּיקט.

1. אויסעסן, אויפֿעסן מיט אַ שנאָבל. די טײַבעלעך פּיקן אויס אַלע קרישקעלעך ברויט.
2. אויסשטעכן (מיט אַ שנאָבל, שאַרפֿן מכשיר). „איין אויג וואָס קען שפּעטן פֿון אַ פֿאָטער און מבֿוזה מאַכן די קאָרטשיס פֿון זײַן מוטער, מעגן עס אויס פּיקן די וואַראָניס באַם טאך", מס, משלי, ל, 17. [מלל, 1/76, פֿאַרטײַטשט איך ,יקרוה, פֿון אָט דעם פּסוק: „אויש פּיקין"].
3. אַרויסנעמען פֿון אַן ענג אָרט. א, מיט די פֿינגער. „...וויסטעניש פֿון גלעקער...די

צינאויספּיקן זיך

גער פֿון די גלעקער האָבן אויסגעפּיקט די קאָמסאָמאָלן", הל, 'היים סאָוועטישע'.
4. אויסקלײַבן. אַמ. „לאָז, איך וועל פֿאַר דיר אויספּיקן אַ שיין קליידל„.
5. צושפּיצן. „די מאָדערנע צײַט האָט שוין אויסגעפּיקט אַ פּיקאַנטע שפּיל פֿון בלוט און ראַסע", שטריגלער. 6. דורך טואונג, ענלעך צום פּיקן, עפּעס מאַכן. „געשמאַק געפּיקט די ציינדלעך פֿון די שרײַבמאַשינקעס, געוויס אויסגעפּיקט אַרטיקלען...", ליבערמאַן, פֿאָר,

.II 1953 2

אויספּיקן זיך — אוט⸗ו. ← דפֿוו. 1.
אַרויסקומען פֿון איי(ער), דורך צעפּיקן דאָס
שאָלעכץ. „זעצט הינער אויף אייער אין אַ קאָרבּ,
אונטערן בּעט...קריכט אַהין עפּטערס,
ציקאַווע צו זען ווי עס פּיקן זיך אויס הינדעלעך“,
ממוס, שלמה. 2. אָרויסקומען, זיך מאַכן.
„האָפּט ער, אין דער חזנטעס זכות וועט זיך
א, דער שידוך“, שע, בּלאָנדזענדע שטערן. „און
געטראַכט בּשעת מעשׂה זיך: האַ? אפֿשר וויל
גאָט גאָר אַ שידוך...דערפֿון זאָל זיך א, אַ
כּלה — טאַ!“, ממוס, ווינטשפּ. 3. אַנטוויקלען
זיך, אַרויסשיילן זיך. „און עס פּיקט זיך אויס
אַמאָל אַ ראָמאַן,,, שע פֿונעם יאַריד II. „עס
,
האָט זיך אָנגעהויבּן א, אַ טעאַטער און אַ
בּינע־קונסט“, בּעל־מחשבֿות ⸗יI. „אַזוי גאָר?
הייסט עס, דער בּלוט־בּלבּול האָט זיך דאָך
אויסגעפּיקט!“, בּערג, בּײַם דניעפּער II. *ס'וועט
זיך עפּעס א, צווישן זיי (אים און איר) =
זיי וועלן זיך פֿאַרליבּן, ווערן חתן־כּלה.
4. איר. אויספּוצן זיך, אויספּוצקען זיך. א,
זיך און גיין צו גאַסט, רייד (ניו־יאָרק).
אויספּיקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~

געפּיקעוועט. אָנפּיקעווען, אויסשטאָפּן. דזוו אויספּוקע(ווע)ן ←.
אויספּיקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויספּיקעניש. דאָס גיכע אויפֿעסן. „די קינדער האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן, איז דאָס געווען אַן א', קיין עין־הרע, אַז די טעלערס זײַנען געוואָרן ליידיק אין עטלעכע מינוט".
אויספּיקען — טרוו. פּיקע אויס, ~געפּיקעט. כמעט פּפֿ צו אויספּיקן (זיך). 1. אויסגראַבלען, אויסהוילן, אויסקאַלופּען אַ לאָך. „שוואַלבן האָבן אויסגעפּיקעט די דאָזיקע לעכער וואָס זעען אויס ווי פֿאַרמאַסקירטע שיס־קוקערס", זש, נח פּאַנדרע. „איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן וו אַזוי מע קאָן א אַזאַ לאָך אין אַ קאַשי
קעטל?„, אַש, גראָסמאַן און זון. קללה: הינער זאָלן זײַן קבֿר א'! „גאָט זאָל געבן, מע זאָל שוין קלינגען מיט די פּושקעס נאָך דײַן מיטה, הינער זאָלן שוין דײַן קבֿר א', הלוואַי...„, איבז מ. טײַטש, ביאַליק, אַריה בעלגוף. 2. אויסקלאַפּן מיט פֿינגער אַ ריטעם (מיט קלאַנגען, ענלעכע צו פּיק־פּיק).
אויספּיקען זיך — ← דפּוו. דזוו אויספּיקן זיך.

אויספּוצן זיך (איר בײַטעם). ער האָט זיך
אויסגעפּיקעט ווי צו גיין אויף אַ חתונה.
אויספּיקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויספּיקן (זיך). 2. פּראָצעס פֿון
אויספּיקען (זיך).
אויספּירכען — ־כע אויס, ~געפּירכעט.
אוטוו — אויסהוסטן (וועגן פֿערד). א, ווי אַ
קליאַטשע. טרוו — מיט אָנשטרענגונג, מיט

3()6

הוסטן, אַרויסבּרענגען עפּעס פֿון האַלדז. א,
בּרעקלעך פֿון לופֿטרער.
אויספּירכען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך מאַכן
גרינגער דורך אויספּירכען. „בּיז ער האָט זיך
אויסגעפּירכעט, האָבּן זיך אים טרערן בּאַוויזן
אין די אויגן".
אויספּירסקען — ־קע אויס, ~געפּירסקעט.
דזוו אויספּריסקען ←.
אויספּירען — טרוו. ־רע אויס, ~געפּירעט.
אוקר. אונטעריאָגן מיט שטעכן, שטויסן. א,
די אָקסן מיטן לאַנגן שטעקן. דזוו
אויספּערען ←.
אויספּירקען — טרוו ־קע אויס, ~

געפּירקעט. 1. דזוו אויספּורקע(נע)ן ←. 2.
אויסשמעקן מיט אַ שנויץ, שנוק; אַרײַנשטעקן
שנוק און שמעקן. „כּלבֿים, חזירים פּירקען
אויס די קופּע אָפּפֿאַל מיט בײנער".
אויספּישטשען — ־טשע אויס, ~
געפּישטשעט. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסבּרענגען
דינע, שטילע און שאַרפֿע קלאַנגען. א, ווי אַ
מײַזעלע, פֿייגעלע, עופֿעלע. טרוו — דורך
פּישטשען עפּעס אויסדריקן. א, אַ בקשה, אַ
פֿאַרלאַנג אע. „ער פּישטשעט, שווישטשעט
אַזוי זײַן שירה אויס", ממוס, שירה.
אויספּישן ▯ טרוו. פּיש אויס, ~געפּישט.
(אומאיידל). 1. מיט משתּין זײַן בּאַנעצן. א,
די וואַנט, די שטיינער. 2. עפּעס
אַרויסבּרענגען מיט דער השתּנה. א, אַ ביסל בּלוט.
3. וואול, ווען אַרויסבּרענגען, אַרויסזאָגן אַ
מיינונג. „וואָס האָט ער דאָ אונדז אויסגעפּישט,
דער אַלטער תּרח".
אויספּישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אַרויסבּרענגען די גאַנצע השתּנה. *זיך קרום א, =
(פֿילן עפּעס אַ קליינעם ווייטיק און) מאַכן אַן
אָנשטעל, האַלטן אַז מען איז קראַנק (
אומאיידל). 2. אַרויסווײַזן בּיטול, זיך ניט
רעכענען. גראָב. „דער גבֿיר דער עם־האָרץ פּישט

זיך אויף אַלעמען אויס“.
אויספּכיקען — ־קע אויס, ~געפּכיקעט.
אוטוו — אַרויסבּרענגען (פּלוצעם) וויינענדיקע, קרעכצעדיקע קלאַנגען. אויסכניקען. „אַ קינד פּכיקעט אַמאָל אויס אַזוי זיך, אָן אַ סיבּה“, רייד. טרוו — עפּעס אויסדריקן דורך פּכיקען, כניקען. א, אומצופֿרידנקייט, הונגער אע.
אויספּלאָגן — טרוו. פּלאָג אויס, ~געפּלאָגט. בּרענגען פֿאַרשאַפֿן קרענק, ווייטיק, צרות.
„דער רבּונו־של־עולם האָט אונדז אויסגעפּלאָגט מיט גירושים און רדיפֿות“.
אויספּלאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דורכגיין, דורכלעבּן כּלערליי מאַטערנישן, צרות, פּלאָגן.
„אויפֿן וועג האָבּן מיר זיך גענוג אויסגעפּלאָגט מיט די קליינע קינדערלעך וואָס זײַנען אַלע געווען קראַנק און הונגעריק“, בּריוו.
אויספּלאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויספּלאָגן (זיך). ריי מאַטערנישן, צרות. אַן א, פֿון זײַן ליבּן נאָמען = א) געשיקט פֿון גאָט בּרוך הוא; בּ) אַ סך גרויסע צרות.
דזש ◌ ד(י) ◌ אָדעוו ◌ דז(י)ען, ~ פּלאָ,

— טרוו ־ד(י)ע,

ן, ן .

אויספּל ~פּל

,

־דז(י)ע, ־דזשע, ־דעווע אויס; ~געפּלאָד(י)עט, ~פּלאָדז(י)עט, ~פּלאָדזשעט, ~פּלאָדעוועט.

1. מאַכן פּרוכפּער(ד)יק. 2. אויסהאָבן, אויסקינדלען (וועגן בעלי־חיים). 3.

אויסהאָאויספּלאָנטען

דעווען. א, אַ פּולן הויף מיט הינער. אָנפּלאָדיען קינדערלעך און דערנאָך זיי א'.

אויספּלאָד(י)ען זיך — . אוטוו. ← דפּוו. אָן אָנשטרענגונג אָדער פּלאַנירונג זיך פּאַרמערן און זיך אויסהאָדעווען (וועגן בעלי־חיים). „עס האָבן זיך אויסגעפּלאָדעט אַזוי פּיל הינער אַז מע האָט ניט געקענט דודכגיין דעם הויף“.

אויספּלאַווען — טרוו. ־ווע אויס, ~ געפּלאַוועט. אוקר. סל. אויסבאָדן (וועגן פּערד). א, די פּערד אין טײַך.

אויספּלאַטינירן — טרוו. ־ניר אויס, ~(גע)־

פלאַטינירט. באַדעקן מיט אַ (דינעם) שיכט
פּלאַטין. א, דעם זייגער. א אַ געביס ציין.

,

אויספּלאַטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
פּלאַטירט. דזוו אויספּלאַקירן ←.
אויספּלאָטקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~געפּלאָטקעוועט. דזוו אויספּליאָטקעווען ←.
אויספּלאַטשיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געפּלאַטשיקט. מאַכן פּלאַטשיק. א, דעם שאָסיי,
די קופּעס זשוויר.
אויספּלאַטשן — טרוו. פּלאַטש אויס, ~
געפּלאַטשט. מאַכן פּלאַך, פּלאַטשיק; אויסגלײַכן
אַ פּלאַך. א, די בלעכן. "אַוועקגעשאַרט [די האָר]
פון זײַנע ברילן און זיי אויסגעפּלאַטשט„, ל.
טרייסטער, היימיש, 1958, II □.
אויספּלאַטשן זיך — אוטוו. ← דפוו. פון
זיך ווערן פּלאַטשיק, פּלאַך, גלאַט. „די
בערגלעך אויפן בית־עלמין האָבן זיך
אויסגעפּלאַטשט", באַש.
אויספּלאַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געפּלאַטשעט. 1. דזוו אויספּלאַטשן. 2. מיט
כוח צערײַבן, צעקוועטשן, צעדריקן. „דער
נאַציזם האָט...אַלץ אויסגעפּלאַטשעט און
צעמורשט אונטער די שווערע אומברחמנותדיקע

רעדער“, לע.

אויספֿלאָמבירן — . טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
פֿלאָמבירט. 1. אַרויספֿלייגן (נייטיקע) צאָל
פֿלאָמבעס. א, די געשאָכטענע עופֿות. 2.
אַרײַנלייגן פֿלאָמבע(ס) אין צאָן (ציין). אויסדרילן
און דערנאָך א, אַ צאָן.

אויספֿלאָנטירן — ־יר אויס, ~געפֿלאָנטירט.
מיט אַ שווערער מאַשין אויסגלײַכן אַ וועג
(אין לשון פֿון ברוקירערס).

אויספֿלאַנטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~געפֿלאַנטעוועט. 1. דזוו אויספֿלאָנטירן.
2. (סטאָליערײַ) מיט גרויסן, שווערן הובל
אויסהובלען. א, די ברעטער און דערנאָך זיי
צעשנײַדן.

אויספֿלאָנטען — טרוו. ־טע אויס, ~
געפֿלאָנטעט. (אין לד נב). אָפֿט מיט ז י ך.
1. אַרויסנעמען, באַפֿרײַען פֿון אַ פֿלאָנטער,
צעטומלעניש, פֿאַרדרייעניש. א, פֿעדעם. א,
די פֿיס פֿון שטריק. „די קישקעס האָבן זיך
פֿאַרדרייט און [דער דאָקטער] קען זיי ניט א,“,
אבג, גלגול, וואַרשע תּרנ״ו. „דאַרפֿט איר
שרײַבן אַליין דעם קאָנטראַקט און קומען
נאָכדעם צו מיר, איך זאָל אײַך א'“, שע, אין
שטורעם. 2. צונויפֿמישן, פֿאַרפֿלאָנטע(ר)ן. א,

אַלע פֿעדעם פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן. 3. אויסמישן אינאײנעם פֿאַרשיידענע ענינים (בײַם ריידן, פלאַפלען). ,,זיי פלאָנטען אויס כלערליי פליאָטקעס מיט עצות ווי צו קאָכן און ווי צו באַקן‘‘.

אויספלאָנטעניש

אויספלאָנטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספלאָנטען.
אויספלאָנטער — דער, ־ס. 1. אַקט פֿון אויספלאָנטערן. 2. אָרדענונג, קלאָרקייט נאָכן באַ רײַען זיך פֿון פלאָנטער.
אויספלאָנטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספלאָנטערן. ‘‘די ווײַטערדיקע א, פֿון קריזיס און זײַן באַזײַטיקונג...,,, ימ, נײַס, 1926.
אדיספלאָנטערז . ־ער אויס, ~
גע.
ונטערן, (זאַמעט)
טרו —
פלאָנטערט. אויך: ~פּ
דזוו אויספלאָנטען, ספעצ בּ1 ←.
אויספלאָנטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:

פֿון זיך ווערן אויסגעפּלאָנטערט,
אויפֿגעקלערט, אויסגעגליכן. „...אַ סימבאָל אויף דעם
פּלאָנטער וואָס וויל זיך בשום אופֿן נישט א,
בײַ די אַלעקסאַנדערס“, בעל־מחשבֿות ◻ יI.
אויספּלאָנטערניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספּלאָנטערן (זיך).
אויספּלאָנטערעווען — טרוו. ־רעווע אויס,
~געפּלאָנטערעוועט. דזוו אויספּלאָנטען,
אויספּלאָנטערן, (איר בײַטעם אָדער אָנדײַט אויף
געדויערדיקייט).
אויספּלאַנירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּלאַנירן.
אויספּלאַנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~(גע)
פּלאַנירט. 1. שאַפֿן, אויסלייגן אין קאָפּ אַ פּלאַן
(מיט פּרטים ווען באַזונדערע שטאַפּלען,
טריט, שטריכן) פֿון דעם וואָס מע נעמט זיך
אונטער צו טאָן. א, אַ נסיעה, אַ
סטראַטעגיע, עטלעכע גענג אין פֿאָרויס (בײַ אַ שפּיל)
אאַזוו. 2. אויסשרײַבן, אָנצייכענען אויף
פּאַפּיר אַ פּלאַן (פֿון אַ בנין, פֿאָרשונג, אאַ). א,
דאָס אייגענע הויז, די שטודיע.
אויספּלאַנכע(נע)ן — ־כע אויס, ~
געפּלאַנכעט. אוטוו — וויינען אַ לענגערע צײַט,
שטאַרק אויסוויינען. „וואָס זי האָט

אויסגעפּלאַנכעט אַ גאַנצע נאַכט!" טרוו — קריגן, אויספּועלן עפּעס דורך לענגערן וויינען. א, אַ נדבֿה, טובֿה אאַ.

אויספּלאַנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~ געפּלאַנעוועט. דזוו אויספּלאַנירן בּ1. „האָט משה אויסגעפּלאַנעוועט די דירת עראי [סוכה] מיט קינסטלערישער פֿאַנטאַזיע", אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. „א אַ בּעסערע וועלט על־פּי

שׂכל און על־פּי המציאה„, צײַט.

אויספּלאַנען — טרוו. פּלאַן אויס, ~געפּלאַנט. דזוו אויספּלאַנירן. ספּעצ: מאַכן פּלאַן פֿאַר קאָמפּאָזיציע (אין לשון פֿון תּלמידים פֿון ייִדישע שולן צווישן בּיידע וועלט־מלחמות).

אויספּלאַסטערן —, טרוו. ־ער אויס, ~ געפּלאַסטערט. 1. דזוו אויספֿלאַסטערן ←. ספּעצ בּאַדעקן ווענט פֿון ציגל אָדער שטיין מיט טינק. 2. דזוו אויסשפּאַכטלען ←.

אויספּלאַפּל — דער, ־ען. אַקט פֿון אויספּלאַפּלען. וואָרט, אויסדרוק וואָס איז אומגעריכט, צופֿעליק אַראָפּ פֿון דער צונג. „ס'איז נאָר אַן א, און איר דאַרפֿט זיך מיט דעם ניט רעכענען".

אויספּלאַפּלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויספּלאַפּלען. „נישט קיין דיכטערישע א'ען„.

אויספּלאַפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~ געפּלאַפּלט. 1. אַ סך אָנרעדן, אָן ציל, אָן פּלאַן. וואָס קינדער פּלאַפּלען אויס! 2. אויסדערציילן אָן כּוונה. א, אַ סוד. 3. עפּעס אַרויסזאָגן סתּם אַזוי פֿריילעך מאַכט דער „.

גרינער פֿויגל...ווען ער פּלאַפּלט אויס מײַן נאָמען“, מעג, 'דער גרינער פּאָפּוגײַ'.

אויספּלאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקע) אויספּלאַפּלונג.

אויספּלאַפּלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פּלאַפּלט אויס. אויסדערציילער(ין) פֿון סודות.

אויספּלאַפּלערײַ — דאָס & די, ־ען. טועכץ פֿון אויספּלאַפּלער. ס'איז נאַרישע א'.

אויספּלאַצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּלאַצן. אויפֿרײַס. א, פֿון אַ באָמבע.

אויספּלאַצירן — טרוו. ־ציר אויס, ~(גע)־

פלאַצירט. 1. געפֿינען ערטער צום זיצן. א, דעם עולם אין זאַל. 2. געפֿינען ערטער צו זײַן, וואוינען. א, די זעלנערס אין די הײַזער. א, די פּליטים.

אויספּלאַצן —, אוטוו. פּלאַץ אויס, ~ געפּלאַצט. 1. מיטאַמאָל, פּלוצעם צעבּרעכן זיך, צערײַסן זיך מיט אַ קנאַל. די באַלאָנען האָבן אויסגעפּלאַצט. 2. אויפֿרײַסן מיט אַ קראַך. די באָמבּע פּלאַצט אויס.

3. אַרויסקומען אומגעריכט, האַסטיק (ווי אַ שאָס). די ידיעה, דער סוד האָט אויסגעפּלאַצט. 4. אַרויסקומען און ווירקן ווי אַן אויפֿרײַס. די מלחמה פּלאַצט אויס. „דער שטרײַק...האָט סטיכיש אויסגעפּלאַצט אין זייער אַ געלונגענעם מאָמענט„, י. יאָפֿע, אין קעסלגרובּ, מאָסקווע, 1929.

5. אַרויסקומען מיט עפּעס אומגעריכט און מיט אַ קנאַל. א, מיט אַ געוויין (געלעכטער). „מיר פּלאַצן אויס מיט אַ געלעכטער...די רביצין כאַפּט זיך אויף„, פּרץ, מײַנע זכרונות.

6. עפּעס אַרויסזאָגן אומגעריכט. „איך וויל זיך לערנען רוסיש — האָט זי אויסגעפּלאַצט“, אר, 'וו אַזוי זי איז געוואָרן אַן אַקטריסע'.

י

אויספּלאַצן — טרוו. → דפֿוו. 1. צעבּרעכן, צערײַסן מיט אַ קנאַל און אומגעריכט. אַ גיס טאָן קאָכעדיק וואַסער און א, די גלעזער. אַ דריי טאָן דעם קנויט פֿון לעמפּל און א, דאָס גלעזל. 2. אַרויסבּרענגען עפּעס אומגעריכט און מיט אַ קנאַל. א, אַ געוויין, אַ געלעכטער. „די קינדער האָבּן אויסגעפּלאַצט (מיט) אַ בּיטער געוויין" [אין בּ2 איז א, אַקוזוו].

אויספּלאַצעניש — די (דאָס), ־ן. פּראָצעס פֿון אויספּלאַצן. אַן א, פֿון בּאָמבּעס.

אויספּלאַקאַטירן — טרוו. ־יר אויס, ~ פּלאַקאַטירט. אויסשטעלן (אויספּוצן מיט) פּלאַקאַטן. „די גאַסן מוזן ווערן אויספּלאַקאַטירט לויטן בּאַפֿעל פֿון דער מאַכט".

אויספּלאַקירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־ פּלאַקירט. אויסלייגן, אַרויפֿציִען אַ טײַערן מעטאַל אויף אַ ווערלועלערן. א, קופּער מיט גאָלד, זילבּער מיט פּלאַטין.

אויספּלאָשטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געפּלאָשטשעט. אוקר. (שנײַדערײַ) אויסנייען אַ טאָפּלטע נאָט. א, אַ זוים.

אויספלוטע(ווע)ן — טרוו. ־טע(ווע) אויס, ~געפלוטע(ווע)ט. 1. צונויפֿפלאָנטערן. 2. עפּעס אַרויסקריגן דורך זײַן אַ דרייקאָפּ, אַ פלוט. א, אַ שטיקל חיונה. 3. וואָ. רעדן נאַרישקייטן.

אויספלוטע(ווע)ן זיך — ← דפֿוו. 1. אויספלאָנטערן זיך. אויסדרייען זיך. 2. אויפֿהערן פלוטעווען. „ער וועט אַזוי לאַנג זײַן אַ דרייער, ביז ער וועט זיך א'“.

אויספלוידערן —. טרוו. ־ער אויס, ~ געפלוידערט. אויספלאַפּלען (מיט בײַטעם פֿון מער ביטול). „דען ווען דער ווײַן שטײַגט דיר אין קאָפּף אַרײַן, אַזו פלודרשט דוא אויש וואַש דוא ווישט פֿון גרוש ביז קליין„, עיון, 1/61. „איך האָב אָפּגעשפּאַצירט...אויסגעפלוידערט וואָס נאָר אין דער קאָרט און קום צוריק“,

אויספלוי▯ט און זיך

— אוטוו. ← דפֿוו.

פרץ, 'שט שטעטלעך'.

ערן

1. זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. „זײַ נישט אַ פלוט מיטן האָרצן זיך אויס צו פלוידערן עפּיס קעגן גאָט“, מס, קהלת, תקע„ט, ה, 1.

2. אויספּלאַפּלען (אַלץ וואָס מע ווייסט) אוו
אויפֿהערן. „נו, געננוג אָנגערעדט זיך, זיך
אויסגעפּלוידערט“.
אויספּלוישן — טרוו. פּלויש אויס, ~
געפּלוי□ט. □ען
— טרוו. ־פּל אויס, ~
געויספּלוידערן, אויספּרעפּלען.
אויספּ ומפּ
פּלומפּלט. (גנבֿיש) אויסקוילען, אויסשטעכן.
אויספּלומפּ(ע)ן — טרוו. פּלומפּ(ע) אויס,
~געפּלומפּ(ע)ט. דזוו אויספּומפּ(ע)ן ←. „
אויסגעפּלומפּט די בלוטן־פּלומפּן„, בראָד,
אויסגעקליבענע שריפֿטן.
אויספּלונטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפּלונטערט. זאַמעט. דזוו אויספּלאָנטערן,
אויספּלאָנטען ←.
אויספּליאָטקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~געפּליאָטקעוועט. אויסדערציילן רכילות,
באַרעדן אין אַ שטאַרקער מאָס. א, גאַנצע
מעשׂיות, אינטריגעס וועגן אַלע שכנים.
אויספּליאַמען — טרוו. ־מע אויס, ~געפּל
אַי
מעט. אויספֿלעקן. מאַכן גרויסע פֿלעקן (
לאַנגע, אין פּאַסן). א, דאָס קלייד מיטן

פלעטאַיזן.
אויספּליאַנטרעווען — טרוו. ־רעווע אויס, ~געפּליאַנטרעוועט. (סטאָליערײַ, מוליערײַ) מעסטן מיט אַ פּליאַנטער (וואָגשנור) צו זען צי ס'איז ריכטיק ווערטיקאַל. א, די וואַנט, די טיר, די ברעטער.
אויספּלידען — טרוו. ־דע אויס, ~געפּלידעט. אוקר. אויספּלאָדיען (וועגן בהמות, עופֿות), איר אויך וועגן מענטשן. א, אַ פֿולע שטוב קינדערלעך.
אויספּליוכען — ־כע אויס, ~געפּליוכעט. אוטוו, דריטפּערזאָניק — מיטאַמאָל, האַסטיק אָנהייבן שטאַרק צו רעגענען. „עס האָט אויסגעפּליוכעט אַזש ווי פֿון עמערס". טרוו — אויסגיסן מיט אַ פּליוך. א, אַ מעדניצע וואַסער אויף זײַן קאָפּ.
אויספּליוסקען, ~פּליושקען — טרוו. ־קע אויס; ~געפּליוסקעט, ~געפּליושקעט. 1. צעמישן, אויסמישן, צעבורען וואַסער (אויך אַנדער מין פֿליסיקייט). א, מיט די הענט, פֿיסלעך. 2. אויסגיסן מיט אַ פּליוסק.

אויספּליוסקען זיך

אויספּליוסקען, ~פּליושקען זיך — ←
דפֿוו. זיך אויסבאָדן; אָפּזײַן אין וואַסער און
מאַכן מיט די הענט (פּיס). „מע קען ניט
שווימען אין דעם קליינעם טײַכל, מע קען
נאָר אַ ביסל זיך א'‟.
אויספּליטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געפּליטשקעט. (מג, מיטן־גאַליציע). אויסוואַשן
אויף גיך און ניט גענוג גוט; איבערוואַשן.
א, דאָס ביסל גרעט.
אויספּליכן זיך — אוטוו. פּליך זיך אויס, זיך
~געפּליכט. ווערן פּליכיק, פּליכעוואַטע;
פֿאַרלירן האָר. זיך א, און גרוי ווערן.
אויספּלינדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּלינדערן. א, פֿון דער
גאַנצער באַפֿעלקערונג.
אויספּלינדערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפּלינדערט. (סיסטעמאַטיש) אויסרויבן, אויסראַבירן;
צונעמען דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס. זעלנערס
פּלינדערן אויס די אײַנגענומענע שטאָט. א,
אַלץ וואָס מע געפֿינט אין הויז. „...אַלע
מיטרײַזנדע אויסגעפּלינדערט (אויסגערויבט) ביז
אין פֿאָדעם‟, אמד, דאָס קינד אין וואַלד II,
ווילנע 1876.
אויספּלינען — טרוו. ־נע אויס, ~געפּלינעט.

סל. אוקר. אויסשפּײַען. א, אויף עמעצן. א, בלוט.
אויספּליעטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געפּליעטשעט. 1. אויספּלאַפּלען, אויספּלוידערן. 2. אויסליגנערן, אַרויסקומען מיט אַ צאָל ליגנס.
אויספּליעטשען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אויספּלוידערן זיך. אָנדערציילן ליגנס און אויפֿהערן. „אַזאַ ליגנער, ער רעדט און דרייט און קען זיך ניט א,,,,.
אויספּליעסקען — ־קע אויס, ~ געפּליעסקעט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פּאַטשן מיט די הענט (וו אַן אויסדרוק פֿון צושטימונג, י צופֿרידנקייט). "דער עולם האָט אויסגעפּליעסקעט פֿון גרויס התפּעלות". טרוו — דזוו אויספּליוסקען ←. א, וואַסער, די פּאָמויניצע.
אויספּליעסקען זיך — ← דפּוו. 1. פּאַטשן מיט די הענט און אויפֿהערן. "זיך אויסגעזונגען, זיך אויסגעפּליעסקעט מיט די הענט, זיך אויסגעטופּעט מיט די פֿיס". "ס'וועלן א, זיך שטערן", פּמ, מלחמה. 2. אויסגיסן זיך מיט אַ פּליעסק. "איצט האַלטסטו הינטער זייער שלאָס דעם וויי, ניט א, זאָל ער זיך איבער

דעם אָרון“, פּמ.
אויספּל(י)עקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געפּל(י)עקעט. פּאָד, מג. אויספּאַשען, אויסשטאָפּן, מאַכן פֿעט. א, געגנדז אויף פּסחדיק שמאַלץ. ”די שוויגער פֿלעקעט אויס איר איידעם וואָס קריגט שוין אַ בײַכל„.
אויספּלישטשען ־ טרוו. ־טשע אויס, ~
געפּלישטשעט. מג, מיטן־גאַליציע. דזוו אויספּליטשקען ←. אויסשווענקען. א, די ווינדעלעך.
אויספּלעווען — טרוו. פּלעווע אויס, ~
געפּלעוועט. פּד. ־אויסיעטן. א, ווילדגראָזן.
אויספּלעטן 1 — טרוו. פּלעט אויס, ~
געפּלעט. אויסשפּילן אַ לאָטעריי; אויספֿאַרקויפֿן (פֿונאַנדערטיילן) צעטעלעך מיט נומערן און

אַרויסציִען דעם נומער (די נומערן) צו געווינען אַ חפֿץ, געלט. א, אַ זייגער, דעם סאַמאָוואַר. „דער הויזירער טראָגט אַרום אַ זייגער אויסצופּלעטן, צען גרײַצער קאָסט אַ פּלעט„.
„קויף בײַ מיר אַ פּלעט פֿאַר אַ פֿערטעלע, מע פּלעט אויס אַ נסיעה צום רבין“. “...אם

מותּר למכור ספֿר תּורה על ידי גורל שקורין
אויש פּלעטין", ר, מאיר אײַזנשטאַט, שו,,תּ
פּנים מאירות, ח"ג, זולצבאַך 1738.
אויספּלעטן 11 — טרוו. ← דפּוו. 1.
אויספּרעסן, מיט אַ הייסן פּרעס(אײַזן) מאַכן גלאַט.
א אַן אייבערהעמד. 2. מיט אַ שווערער
,
זאַך אויסקלאַפּן. *א, דעם מוח, דעם קאָפּ =
געבן איבערן קאָפּ מיט אַ שטעקן, שטיק
אײַזן אע. *א, די ביינער = שטאַרק אָנשלאָגן.
אויספּלעטעכץ — דאָס (די), ־ן.
אומגעראָטענער אופֿן אויספּלעטן I & II. ,,זע סאַראַ א'!
דו וועסט עס דאַרפֿן איבערפּלעטן".
אדיספּלעטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּלעטן I & II.
,,ס'איז געווען אַ פֿאַלשע א, און ס'איז געוואָרן
אַ סקאַנדאַל".
אויספּלעטשן — טרוו. פּלעטש אויס, ~
געפּלעטשט. אויך: ~פּלעצן. דזוו
אויספּלאַטשיקן ←, אויספּלאַטשן ←.
אויספּל ן — ־קע אויס, ~געפּלעסקעט.
אויך: סקען. דזוו אויספּליעסקען ←.
,,אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! — פּלעסקעט זי
אויס מיט די הענט — נישטאָ מײַן קינד!",

בערג, אָפּגאַנג.

אויספּלעק(ע)ן ——. טרוו. פּלעק(ע) אויס, ~געפּלעק(ע)ט. מג, מיטן־גאַליציע.

אויספֿיטערן, געבן אַ סך צום עסן און פֿעט מאַכן. א, אַן אינדיק אויף פּסח. „ווען איר קאָנען קויפֿן אַ קעלבל אויף א'", מעצקער, זיידנס פֿעלדער.

אויספּלפּ(ו)ל(ע)ן — [...פּילפּלען] טרוו. פּלפּ(ו)ל אויס, ~געפּל פּ(ו)לט. 1. דורך שאַרפֿן לענגערן אַנאַליז פֿאַרגלײַך, וויכוח, —

,

אַרויסדרינגען דין, ענין, זינען פֿון אַ סוגיא [אין תּלמוד אויפֿן סמך פֿון דער תּורה שבכתבֿ און לויט די פּרינציפּן פֿון דרשענען די תּורה; שפּעטער אויפֿן סמך פֿון תּלמוד, דערנאָך אויפֿן סמך פֿון תּשובֿות פֿון גאונים, רשי, די בעלי־תּוספֿות, דעם רמבּם; דערנאָך אויפֿן סמך פֿון שפּעטערדיקע אויטאָריטעטן] אָדער דורך לאָגישער גימנאַסטיק אויסשאַרפֿן די מוחות פֿון די לערנערס. א, אַז עין תּחת עין באַטײַט ממון. א אַן אויסבּרענגער ←. א אַ גאַנצן הדרן,

, ,

אַ תּשובֿה אויף אַ שאלה, א אַ סתּירה וואו קיין

,

סתּירה איז ניטאָ. 2. אַרויסדרינגען (אַן

אויספּיר) אויפֿן סמך פֿון לענגערן שאַרפֿן לאָגישן אַנאַליז אָדער דורך אומלאָגישע שפּרונגען (אָפֿט מיט איר בײַטעם). א אַ גאַנצע שיטה אויף אַ וואַקלדיקן יסוד. דרייען מיטן גראָבן פֿינגער און א, פּתום און רעמסס. א אַ נײַע טאַקטיק.

אויספּלפּ(ו)ל(ע)ן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך פּלפּולן און אויפֿהערן. ניט קענען מער זיך פֿאַרנעמען מיט פּלפּול. 2. קזוו — פֿירן צווישן זיך לענגערן שאַרפֿן וויכּוח וועגן אַבסטראַקטן ענין. זיך א, וועגן סטיכישן פּראָצעס וואָס פֿירט קיין ארץ־ישׂראל.

אויספעלניען

אויספּלפּ(ו)לעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּלפּלען (זיך). איר בײַטעם. „סאַראַ חקירהניש, סאַראַ פֿינגערדרייעניש, סאַראַ א'!“.

אויספּסלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּסלען. אַן א, פֿוו אַ מחמיר.

אויספּסלע(נע)ן — [...פּאַסלע(נע)ן] טרוו. פּסל אויס, ~געפּסלט. 1. דערקלערן אַז עס איז ניט על־פּי דין, ניט כּשר (וועגן זאַכן, מענטשן, ענינים). א, ביידע עדות ווײַל זיי זײַנען גלוחים. 2. אויסבראַקירן, דערקלערן אַז עס טויג ניט, איז ניט צוגעפּאַסט. א, שלעכטע סחורה, שוואַכע ראַיות, אומגעראָטענע געהילפֿן אאַ.

אויספּסקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּסקענען.

אויספּסקענען — [...פּאַסקענען] טרוו. פּסקן, פּסקע אויס; ~געפּסקנט, ~פּסקעט. 1. אַרויסטראָגן באַשלוסן על־פּי דין, לויט דער הלכה; ענטפֿערן אויף אַ צאָל שאלות (וועגן כּשר און טריף, איסור און היתּר). א, אַלע שאלות. 2. אַרויסטראָגן פּסק־דין, אורטייל, וועגן דין־תּורות; ענדגילטיק אַרויסגעבן פּסקדין. א, קנס פֿאַר ביידע צדדים. „וואָס דער מרא דאתרא פּסקנט אויס וועט אַ צווייטער רבֿ ניט איבערפּסקענען“. 3. ווי אַן אויטאָריטעט, מומחה, ענטפֿערן אויף אַ צאָל פֿראַגעס; געבן ענדגילטיק ענטפֿערס. א, שאלות וועגן קאָרעקטן יִידיש, וועגן ריכטיקן ניצן פּרעפּאָזיציעס אאַזוו. 4. אַרויסגעבן אורטיילן פֿון געריכט. א, דרײַ און פֿינף יאָר תּפֿיסה פֿאַר

די ביידע רויבערס.

אויספּעדלען — ־דל אויט, ~געפּעדלט. אַמ. אוטוו — פּעדלען מיט פֿאַרשיידענע זאַכן אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער. מיט וואָס דער אָרעמאַן האָט שוין ניט אויסגעפּעדלט! טרוו — אויספֿאַרקויפֿן דורך פּעדלען, לאחדים (אַרומטראָגנדיק סחורה איבער די הײַזער, אָדער פֿירנדיק אַ וועגעלע). א, ס'גאַנצע פּעקל סחורה. „האָט ער אַלץ אויסגעפּעדלט, געמאַכט געלט„, טמז, 4 1960 IX.

אויספּעטשלען — טרוו. ־טשל אויס, ~ געפּעטשלט. 1. אויספּאַטשן מיט קליינע פּעטשעלעך (אָן בייזקייט, גוטמוטיק). א, די בעקלעך. „דערנאָך אויסגעפּעטשלט דאָס פֿערד איבער די צעעפֿנטע נאָזלעכער“, איזבאַן. 2. (פֿיג) אויסמוסרן פֿירהאַלטן, קריטיקירן. „אַז מיר האָבן

,

אַ ביסל אויסגעפּעטשלט די מיסיאָנערן...“, ח. ליבערמאן, פֿאָר, 1959 II י 27.

אויספּעכן — טרוו. פּעך אויס, ~געפּעכט. אויסשמירן מיט פּעך. „מאַך דיר אַ תּיבֿה... און זאָלסט זי א, פֿון אינעווייניק און פֿון אויסווייניק מיט פּעך“, תּי, בראשית, ו, 14.

אויספּעכן זיך — ← דפֿוו אויך: פֿאַרשוואַרצן

זיך. א, זיך דאָס פּנים.

אויספּעכנען — ־נע אויס, ~געפּעכנעט. אוטוו — אינגאַנצן, שטאַרק געשוואָלן ווערן. א, פֿון הונגער. טרוו — מאַכן געשוואָלן. דער הונגער פּעכנעט אויס. קללה ▯ אויסגעפּעכנעט זאָלט איר ווערן פֿון הונגער. אויך: ־ניען.

אויספּעלניען — טרוו. ־ניע אויס, ~ געפּעלניעט. סל. ל2. אויספֿילן; אויספֿירן. א, אָ גרובּ מיט ערד. א, אַלע אוסלאָוויעס.

אויספּעלען

אויספּעלען — טרוו. ־לע אויס, ~געפּעלעט. לאָקל (שאַקי און אומגעגנט, ליטע).: ▯ ▯ ▯ ־ < Pelai. אויסטרייסלען פֿון פֿלעווע, שפּריי; אויסיעטן.

אויספּעלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּעלצן. אַן א, פֿון קאַראַקול.

אויספּעלצן — טרוו. פּעלץ אויס, ~געפּעלצט. 1. בּאַנייען, בּאַשלאָגן מיט פּעלץ; מאַכן (קויפֿן) פֿאַר עמעצן אַ פּעלץ. א, דעם קאָלנער, א, די ווייַבּ מיט אַ טייַערן קאַראַקולנעם מאַנטל. 2. אָנטאָן זייער וואַרעם. א, די קינדער, זיך.

אין אַזאַ פֿראָסטיקן טאָג.

אויספּענדזלען — טרוו. ־דזל אויס, ~ געפּענדזלט. 1. אויסשמירן מיט אַ פּענדזל. שלעכט, אויף גיך אויסמאָלן, אויספֿאַרבּן, אויסמאַליעווען. א, די וואַנט, דעם דיל אאזוו. „אַמאָל פֿלעגט מען א, דעם האַלדז מיט גליצערין, איצט היילט מען מיט פּעניסילין„. רייד.

2. סתּם אויסמאָלן, אויספֿאַרבּן, אויסמאַליעווען מיט אַ פּענדזל. א, דעם הינטערגרונט פֿון בּילד.

אויספּענדזשען — אוטוו. ־דזשע אויס, ~געפּענדזשעט. פּר. מיטאַמאָל אָנהייבּן לויפֿן, זיך איַלן. א, העןדום־פּענדום.

אויספּענטען — טרוו. ־טע אויס, ~געפּענטעט. 1. אויסבּינדן די פֿיס מיט פּענטעס. א, די פֿערד און זיי לאָזן אויף דער פּאַשע. 2. אויסשנאָרן, אויסבּעטלען. לאָקל (סעטשיצער קריַיז, מינסקער גובּ„ בּאַקאַנט אדיך אין וואַרשע און אומג').

אויספּע'נעצלען — טרוו. ־צל אויס, ~ געפּענעצלט. צעשניַידן אויף (דינע) פּענעצלעך. א אַ לאַבּן בּרויט, יעדערן זאָל אָנקומען אַ

,

המוציא.
אויספּענקען — ־קע אויס, ~געפּענקעט. אוטוו — אויסקרענקען, אויסלײַדן. דו וועסט שוין בײַ מיר א'! טרוו — אויספּלאַצן, אויספּוקען ←. פּר. א, די גלעזער.
אויספּעסטן — טרוו. פּעסט אויס, ~ געפּעסט. אויסשטינקען; אַרײַנבּרענגען קרענק, שמוץ, לײַז. די שנאָרערס פּעסטן אויס די אַכסניא.
אויספּעסטען — טרוו ־טע אויס, ~ געפּעסטעט. אוקר. אויך מיט ז י ך. דזוו אויספּיעשטשען (זיך) ←.
אויספּעקלען 1 — טרוו ־קל אויס, ~ געפּעקלט. 1. אַרויסנעמען פֿון פּעקל (זעקל, קעסטל). א, די סחורה וואָס איז אָנגעקומען מיט דער פּאָסט. 2. אויסלייגן מע זאָל זען. דער מוכר־ספֿרימניק האָט אויסגעפּעקלט דעם גאַנצן רומל. 3. אויסדערציילן. איך וועל א, פֿאַר אײַך מײַנע צרות. 4. אויסליידיקן, באַגנבֿענען. מע האָט אים אויסגעפּעקלט ביזן לעצטן גראָשן. 5. צעלייגן, אײַנפּאַקן אין פּעקלעך. אַראָפּנעמען פֿון די פּאָליצעס און א, אין קליינע קעסטלעך.
אויספּעקלען 11 — טרוו. ← דפֿוו. דזוו

.← אויספּיקלען
אויספּעקלען זיך — אוטוו. ־קל זיך אויס, זיך ~געפּעקלט. 1. אַראָפּנעמען פֿון זיך מלבושים, אויסטאָן זיך. זיך א, און בלײַבן אין אונטערהייזלעך. 2. אויסגעבן אַ סך

געלט. אַרויס פֿון געשעפֿט, זיך אויסגעפּעקלט ביזן לעצטן העמד. 3. אָנדערציילן וועגן זיך (נסים, גוזמאות), אויסבאַרימען זיך. זיך א, מיט דער העלדישקייט.
אויספּערלען — ־רל אויס, ~געפּערלט. אוטוI — אויספֿינקלען, אויסשײַנען. אַ שײַן האָס אויסגעפּערלט. אירע אויגן פּערלען אויס. טר — 1. מאַכן עס זאָל זײַן שיין און שײַניק ווי פּערל. א, די דריבנע אותיותלעך. "מע דאַרף...א, דאָס וואָרט וואָס איז געבענטשט פֿון גאָט", סעג, איצטער. 2. אַרויסברענגען אַזוי שיין ווי פּערל. קונציק דורכפֿרן אַן אַרבעט. „ער האָט... אויסגעפּערלט יעדער וואָרט פֿון שיינעם מפֿטיר", ח פעט, איק, פסח תשי"ז.
אויספּערען — ־רע אריס, ~געפּערעט. מג,

מיטן־גאַליציע. אוטוו — אויסשלאָגן זיך, אַרויסקומען פֿון אויבן. אַ שוים פּערעט אויס אויף אײַנגעמאַכטס. טרוו — אויסשלאָגן, אויסקלאַפּן. א, גרעט. *א, די גאַל = פֿאַרבּיטערן דאָס לעבן, פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש. „ער האָט זיי אומיסטן אויסגעפּערעט די גאַל", העשעלעס.

אויספּעשטשען (זיך) — ־טשע (זיך) אויס, (זיך) ~געפּעשטשעט. דזוו אויספּיעשטשען (זיך) ←.

אויספּעשלען — טרוו. ־של אויס, ~ געפּעשלט. פּד. אויסטיילן קאָרטן צווישן די שפּילערס (דערעיקר אין די שפּילן וואו אַלע קאָרטן ווערן אויסגעטיילט).

אויספּראָבירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויספּראָבירן.

אויספּראָבירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע־) פּראָבירט. 1. געפֿינען די פּראָבע (פּראָצענט טײַערן מעטאַל אין געשמעלץ, פּראָצענט אַלקאָהאַל אין אַלקאָהאָלישן געטראַנק). 2. אַוועקשטעלן די פּראָבע. 3. אויספּרובירן ←.

אויספּראָבירער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך פּראָפֿעסיאָנעל מיט אויספּראָבירן.

אויספּראָבען — טרוו. ־בּע אויס, ~
גפּראָבּעט. אוקר אויספּרפוון, אויספֿאָרשן;
אויסגעפֿינען; געוואָר ווערן. „גיי נאָר און פּראָבּע
אַדיס“, שע, טטעמפּעניו.
אויספּראַגנען — טרוו. ־נע אויס, ~
געפּראַגנעט. פּד, אוקר. אויסגלוסטן, אויסלעכצן. א, אַ
טרונק וואַסער, אַ לאַסקע, אַ גוט וואָרט.
אויספּראָדוצירן — טרוו. ־ציר אויס, ~
פּראָדוצירט. פּראָדוצירן אַ סך פֿאַרשיידענע
פּראָ,
דוקטן. פֿאַרענדיקן פּראָדוצירן; אויסניצן דעם

גאַנצן רוי־מאַטער אַל. א, פֿאַרשיידענע
פֿאָסי
פֿאַטן פֿון ים־המלח. א, מער אײַזן פֿון דעם
אַרץ.
אויספּראָוואָצירן — טרוו. ־ציר אויס, ~
פּראָוואָצירט. פּראָוואָצירן בּיזן סוף. א אַלעמען
,
מיט אַזאַ האַנדלונג.
אויספּראַוועז — טרוו. ־ווע אויס, ~
געפּראַוועט. אויך מיט ז י ך. 1. צו רעכט מאַכן,
פֿאַרריכטן. א, די גרײַזן. “...אויספּראַוועגדיק
מיט רויטן טינט איין אָרט אין אַ בּריוו“,

טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק. 2. (שנײַדערײַ)
אַראָפּצײַען וואו נייטיק, צופּרעסן אע (עס זאָל
געפֿעלן ווערן דעם קונד). „אַלץ איז גוט, מע

אויספּראַלן

דאַרף נאָר אַ ביסינקע א, די מאַרינאַרקע פֿון
פֿאָדנט“, רייד.
3. מיט אַלע פּרטים צוגרייטן, אויסריכטן.
א, עמעצן פֿאַר אַ נסיעה. א, מיט אַלדאָס
נייטיקע. 4. אויספֿאַרריכטן. „די שול האָט
זיך געלאָזט א', פֿון אויבן גאַנץ פֿײַן אָפּמאָלן“,
קמ, 5 .15 No ,1868. אויסשטאַטן מיט אַלע
קאָסטן. דער רײַכער פֿעטער פּראַוועט אויס
די גאַנצע חתונה. 6. פּועלן (דורך שתּדלנות),
אַרויסקריגן. „האָט מען געבעטן אָט דעם...
מנהיג, ער זאָל פֿאָרן אין גובערניע און א'...
פֿון קאָראָבקע־געלט“, ייִפֿאָל, 18 No ,1887.
“דעם רובל אָפּגעגעבן דעם שמש, דאָס ער
זאָל אים א, זײַן מבֿוקש“, אמד, עוזר צינקעס
און די ציג, ווילנע 1868.
7. (מאַליערײַ) אויסגלײַכן. א, די
שטוקאַטורקע, דעם פֿלאַסטער. א, דעם קאָליר אויף
איין זײַט וואַנט. 8. געבן אַ צאָל באַפֿעלן,

קאָמאַנדעווען. „וואָס ער פּראַוועט דאָ אויס! זאָל ער שוין לאָזן צו רו!“ 9. אויסשטעלן בּרוסט, פּלייצע (ווי אַ זעלנער). „איז ער אויפֿגעשטאַנען און האָט אויסגעפּראַוועט די בּרוסט און די אַקסלען ניט אָן האָנער“, בּערג, בּײַם דכיעפּער. ()10. צוגרייטן צו יעדער מין אַרבּעט.

אויספּראַזדנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~געפּראַזדנעוועט. סל. דורכפֿירן, אָפּהיטן חגאָות, ניט־ייִדישע יום־טובֿים. א אַלע טעג

,

מיט רויט אין קאַלע'נדער.

אויספּראַזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~ געפּראַזשעט. 1. אויסבּרענען אויף קוילן. א, לעבּער. 2. אויסוואַרעמען (אָן פֿײַער) אין אָנגעהייצטן אויוון. א אַ געקעכטס.

,

אויספּראַטען — טרוו. ־טע אויס, ~געפּראַטעט. אויך: ~פּריאַטען. סל. אוקר. אויסבּאַהאַלטן. א, די זיסע זאַכן פֿון די קינדער.

אויספּראָטעסטירן — ־טיר אויס, ~(גע)־ פּראָטעסטירט. אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצעם אָנהייבּן פּראָטעסטירן. „אַלע זײַנען מסכּים, אָבּער איינער שטעלט זיך אויף און מיט געשרייען פּראָטעסטירט ער אויס קעגן

פֿאָרשלאָג“. טרוו — שאַרף פּראָטעסטירן קעגן
אײַנשטעלונגען, באַשלוסן, פֿירונגען אע. א,
פֿירונגען פֿון דער סבֿיבֿה.
אויספּראַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געפּראַטשעט. 1. אויסקלאַפּן וועש מיט אַ
פּראַטש, פּראַלניק, קיִענקע. א, גרעט בײַם טײַך.
2. אויסקלאַפּן, אויסהאַקן מיט אַ שטיק אײַזן.
א, אײַז פֿון טײַך.
אויספּראָיעקטירן — טרוו. ־טיר אויס,
~פּראיעקטירט פֿאַרענדיקן מאַכן פּראָיעקטן
.
(גענוי, מיט פּרטים). א, דעם גאַנצן מאַרשרדט,
אַ צאָל בנינים אאַזוו.
אויספּראַל — דער, ־ן. הילכיקער קלאַפּ,
קנאַק; אויסרוף. א, פֿון פֿריידיקע געשרייען;
א, פֿון אַ פּאָר ביקסן. אַקט פֿון אויספּראַלן.
אויספּראָלאָנגירן — טרוו. ־גיר אויס,
~פּראָלאָנגירט פֿאַרלענגערן אַ צאָל

טערמי

.
נען. א, די וויזעס פֿון דרײַ חדשים אויף

זעקס. א, אַ טייל ווערקסלען.
אויספּראַלן — פּראַל אויס, ~געפּראַלט.
אוטוו — מיטאַמאָל קנאַקן, קלאַפּן. עס פּראַלט
אויס אַ הילכיק געלעכטער. די ראַקעטן האָבן
אויסגעפּראַלט. טרוו — 1. אריסקלאַפּן מיט

אויספּראָלן

אַ הילכערײַ; כמעט דזוו אויספּראַטשען. א,
וועש. 2. הילכיק אַרויסזאָגן. א, אַ געטאָקטן
ליגן. "איך האָב אויסגעפּראַלט פֿאַרווירט: אַ
האַמער!", אר, 'אײַזן,.
אויספּראָלן — טרוו. פּראָל אויס, ~געפּראָלט.
אָפּט מיט ז י ך. (קורלאַנד, זאַמעט).
אויסלויבן, אויסרימען. א, די גאַנצע משפּחה. זיך
א, מיט העלדישקייטן.
אויספּראָלעטאַריזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~פּראָלעטאַריזירט. מאַכן (לעצטגילטיק) פֿאַר
פּראָלעטאַריער (אַ גרעסערע צאָל, גאַנצע
שיכטן). א, די נעכטיקע לופּט מענטשן.
אויספּראַניקן — טרוו. ־ניק אויס, ~
געפּראַניקט. לאָקל (מינסק און אומגעגנט).
אויסקלאַפּן מיט אַ פּראַניק, פּראַלניק. א, די נאַסע
וועש.

אויספּראָסטע(ווע)ן — טרוו. ־טע(ווע) אויס,
~געפּראָסטע(ווע)ט. אויך: ~פּראָסטן. מאַכן
פּראָסט, ניט־פֿײַן, אומאיידל. „אַזאַ וואולגאַרער
מענטש, צו וואָס ער רירט זיך ניט צו —
אַלץ פּראָסטעוועט ער אויס“.
אויספּראָפּן — טרוו. פּראָפּ אויס, ~
געפּראָפּט. אויסשטאָפּן; אַרײַנקלאַפּן קאָרקן,
פּראָפּקעס, אין פֿלעשער. געווען אַ
באַזונדערע מאַשינקע אויף א, די פֿלעשער מעד.

□

אויספּראָסאַנירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
פּראָפֿאַנירט. אויסלעסטערן פֿאַראומווערדיקן;

,

אויספּראָסט(עווע)ן. א, אַלע הייליקטומען.
אויספּראָפֿיטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
פּראָפֿיטירט. 1. אַרויסקריגן ענדגילטיקן רווח.
„וואָס וועט ער א, דערפֿון? האַ?“ א, אַ
קײַמא־לן פֿון הונדערט דאָלאַר. 2.
אַרויסציִען רווח פֿון אַ צאָל געשעפֿטן,
אונטערנעמונגען פֿון אַלע געשעפֿטן א, אַ נישטיקע סומע.

.

אויספּראַצעווען — טרוו. ־צעווע אויס, ~
געפּראַצעוועט. אויסהאָרעווען; אַרויסקריגן מיט

זייער שווערער אַרבעט. א, דאָס דאַרע שטיקל ברויט. א, פֿאַר זיך אַ מעמד.
אויספּראַצעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
פּראַצעווען ביז ניט קענען מער; זיך אויסמאַטערן פֿון צו פֿיל שווערער אַרבעט. זיך א, אַזוי אַז מע קען ניט הייבן אַ האַנט.
אויספּראָצעסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־פּראָצעסירט. סוף־כּל־סוף אַרויסקריגן דורך אַ (לענגערן) משפּט. זיך פּראָצעסירט אַ יאָר און קוים אויספּראָצעסירט די גערירכט־הוצאות.
אויספּראָצעסירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. קזוו — זיך משפּטן. א, זיך איבער דער ירושה. 2. משפּטן זיך און אויפֿהערן.
אויספּראַקטיצירן, ־קירן — טרוו. ־ציר, ־קיר אויס, ~פּראַקטיצירט, ־קירט. אַ לענגערע צײַט זײַן פּראָפֿעסיאָנעל פֿאַרנומען אויף אַ געוויסן געביט. א, מעדיצין אין עטלעכע גרויסע שטעט. מיט ז י ך = אויפֿטאָן, זיך פֿאַרפֿולקומען בײַם פּראַקטיצירן. זיך א, און ווערן אַ בעסערער דאָקטער.
אויספּראָקלאַמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~פּראָקלאַמירט. אומעטום פֿײַערלעך, ענדגילטיק מעלדן. א, די רעכט לויט דער נײַער קאַנסטיטוציע.

אויספּראַשען — טרוו. ־שע אויס, ~
געפּראַשעט. 1. אויסשיטן אַ פּראָשעק. א, סם פֿאַר
די מײַז. פּר. 2. אויסשטויבן, אָפּשטויבן מיט

31()

אַ בערשטל. אוקר. גאַליציע. „זי פּראָשעט אוי
דאָס קלייד מיט אַ בערשטל“, נפֿתּלי גראָס.
אויספּרובירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּרובירן. עקספּערימענט.
אויספּרובירט — אַדי. אויך: אויסגעפּרובירט.
1. וואָס איז באַשטעטיקט דורך פּראַקטיק,
פֿאַקטן פֿון לעבן, עקספּערימענטן. א'ע
מיטלען. 2. וואָס איז ווערט דעם צוטרוי;
פֿאַרלאָזלעך. א'ער פֿרײַנד.
אויספּרובירן — טרוו. ־ביר אויס, ~(גע)־
פּרובירט. 1. אויספּרוּוון; זיך מיִען געפֿינען
(מיטל, ריכטיקן אופֿן, דרך אאַ). „כ'האָב טויזנט
וועגן אויספּרובירט און ניט געטראָפֿן, כ'האָב
טויזנט טרוימען אויסגעטרוימט אין פֿאַלשן
האָפֿן“, יהואָש, זון און נעבל. 2. מאַכן אַ
צאָל עקספּערימענטן; אויסטעסטירן. „באַלד
האָט זיך באַוויזן דער ערשטעד קאָסטעמער
[= קונד], דער ערשטער אויף וועמען מיר

זאָלן א, אונדזער ניי־אָנטדעקטע טעאָריע", נאַד.
אויספּרובירער — דער, ־ס. וונ נבֿ. ווער עס
פּרובירט אויס, ספּעצ ווענג משקאות, מאכלים.
פֿערד־פֿאַרהערער (דה א') מאַכן מנינים אין

"
זייערע הײַזער, אמך.
אויספּרודען — טרוו. ־דע אויס, ~געפּרודעט.
אויך: ~פּרודז(י)ען, ~פּרודזשען.
< וור, אוק. (אויסהענגען וועש, מלבושים
און זיי) אויסרייניקן מיט פּאַרע פֿון לײַז,
פֿליי. „...איז בײַ מיר די ערשטע זאַך פֿון אַלע
מלאָכות זיך אַראָפּצוכאַפּן אין דער
געמויערטער באָך, אויסצופּרודען די זאַכן, די זאָקן",
ממוס פֿישקע. „זיי האָבן געוואָלט
דערוואַ,
רעמען די גלידער, אַ טריקן טאָן די נאַסע
שינעלן, א, די הורבעס לײַז", ש. ברעגמאַן,
דורך קריג און רעוואָלוציע, I.
אויספּרווו — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויספּרוּוון (אַ פֿאַקט, אַן אמת). „די עפּלביימער
גיבן שוין אַן א,־ציטער, צי מיינט ניט אַז דער
ווינטער שוין פֿאַרשווינדט", הל, אַ בלאַט אויף
אַן עפּלבוים. 2. דערפֿאַרונג; סכום פֿאַקטן
וואָס דערגייען צום באַוואוסטזײַן. „דאָס וואָס

איז בהסכּם מיטן אַלגעמיינעם א, רופֿן מיר רעאַליסטיש...דער א, פֿונעם עולם בײַט זיך,,, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט. 3. שווערע איבערלעבונג, אומגליק, נסיון. ,,דאָס פֿאָלק דערפֿילט זיך אויסגעשעפּט צום ענד פֿון דעם א, פֿון דעם גרויליקן“, אַל 4 .III. עקזאַמען; טעסט; עקספּערימענט. שטיין צום א'.

אויספּרוואונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספּרווּון. 2. ספּעצ: נסיון. אַ שווערע א'. גאָט שיקט אַן א,.

אויספּר ון — טרוו. פּרוּוו אויס, ~געפּרוּווט. 1. דערגיין צי עס איז פֿאַראַן און ביז וואָסער מאָס. א, דעם גורל, דעם מזל, דאָס גליק. א, געטרײַשאַפֿט, ליבשאַפֿט, איבערגעגעבנקייט. *א, דעם טערק = א, צי עמעצער מיינט עס ערנסט. (שפּאַסיק).

2. איבערקוקן, קאָנטראָלירן. א, די סחורה, די מאַטער אַלן. ,,אויף דיזע...האָבן זיי...זייערע ׳

אויגן געוואָרפֿן און אויסגעפּרוּווט,,, אמד, דער אידישער פּאָסלאַניק, ווילנע 1880.

3. עקזאַמענירן קענטענישן, פֿעאיקייטן. ,,איין מלך האָט געטיילט צו זײַנע קנעכט קײַלעכדיקע קנײַלעכער פֿון זײַד...

אויסצואויספּרייען

פּרוּוון זייער פֿאַרשטאַנד‟, חה II, 57. „דער מאַן פֿלעגט זי אויסהערן און א', און שפּעטער האָט ער איר אַרויסגעגעבן סמיכה צו פּסקענען גרינגע שאלות‟, יק.

4. עקספּערימענטירן מיט עפּעס, דערגיין (וויסנשאַפֿטלעכן) ווערט, טעאָריע, מיטל. „די מעדיצין צו מאַכן טיפֿער, רײַכער, די וויסנשאַפֿט זאָל אויפֿטאָן וואָס זי וויל, האָט מען געשניטן לעבעדיקע בײַכער און אויסגעפּרוּווט אַ גיפֿטיקן באַציל‟, סעג, איצטער.

5. פֿאַרזוכן, דערגיין דעם טעם. א אַ מאכל,

,

דעם ווײַן אאַזוו.

6. (מאַכן) דורכלעבן, דורכפֿילן און דערגיין די ווירקונג. א, נויט און הונגער, קעלט און היץ. „האָט דער קליינער יחיאל געמוזט אַלץ אויף זײַן אייגענער הויט א„„ אַש, תּהילים־ייִד. 7. שטעלן פֿאַר אַ נסיון, דערגיין מאָראַלישן מהות, כּוחות. „קום אַהער, לאָמיך דיך נאָך אויס פּרובֿין מיט ליסטיגקייט און

וואול צו גיין“, מס, קהלת, תּקע״ט, בּ, 1. „[ער] האָט געוואָלט א, דעם רבּין, און [אַז] ס'האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבּן [מכשיל צו זײַן] — דאָס אַלץ איז קיין פּלא ניט“, לדבּ. „דער וואָס לעבּט אייבּיק האָט אַפּנים געוואָלט א, זײַן געטרײַען קנעכט ר, יויזעפֿל“, שע. *א, דעם רבּונו־של־עולם = א) דערגיין ווי גאָט בּאַציט זיך (צום מענטשן); בּ) שטעלן גאָט אויף אַ פּרוּוו. „סטײַטש, ווי קען מען זיך דאָס פֿאַרלאָזן אויף נסים? דאָס הייסט דאָך א, דעם רבּונו־של־עולם“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

אויספּרוווּעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

אויספּרוּוו, אויספּרוווּעניש, אויך: מיט בּיטול.

אויספּרוווּעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקע) אויספּרוּוואונג, אויספּרוּוו. „בּעל־הבּית! וואָס פּרוּווט איר מיך אויס? וואָס פֿאַר אַן א', וואָס?“, בּערג, בּײַס דניעפּער I.

אויספּרוווּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך (פּראָפֿעסיאָנעל) מיט אויספּרוּוון. „וואָס עקזאַמענירסטו מיך? אַ נײַער א, אויף מײַן קאָפּ!„..

אויספּרוווּערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבּעט, טואונג פֿון דעם וואָס פּרוּווט אויס. עקספּערימענט, טעסטירונג.

אויספּר￼ווערישׂ — אַדי. וואָס איז (ווי) בײַ
אַן אויספּרוּווער; וואָס איז פּאַסיק ווי אַן
אויספּרוּוו־מיטל. א'ע גענג, מיטלען, פּאָרטלען.
אויספּרוכנען — טרוו. ־נע אויס, ~
געפּרוכנעט. פּר. מאַכן צעפּוילט, צעפּולווערט (וועגן
האָלץ). „די ווערעם האָבן אויסגעפּרוכנעט דעם
בוים“.
אויספּרײַכן — פּרײַך אויס, ~געפּרײַכט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פּרײַכן, סאַפּען,
אַטעמען שווער. טרוו — פּרײַכנדיק עפּעס
אַרויסבּרענגען. א, די פּאַרמאַטערטקייט און
דעם שרעק.
אויספּרײַכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פון אויספּרײַכן. אַ שווער(ע) א, נאָכן אָנלויפן
זיך.
אויספּרייען — פּרייע אויס, ~געפּרייעט.
אויך: ~פּר￼ען. אוטוו — אויסשוויצן און
ווערן רויט, אָנגעצונדן (אויך מיט קליינע
בלעזעלעך). „באַשיט מיט קאַרטאָפל־מעל, עס
פּרייעט אויס בײַם קינד אונטערן אָרעם“.

אויספּרייען זיך

אויך טרוו: א, דאָס קינד = באַשיטן (מיט קאַרטאָפֿל־מעל) די פֿאַרפּריִעטע ערטער.

טרוו — פֿאַמעלעך קאָכן אויף אַ קליין פֿײַער אָדער מיט שטענדיקער היץ (מיט ווייניק וואַסער אָדער פֿעטס, אָדער אויך בלויז אין פֿעטס פֿון דעם געקעכטס גופֿא). „מע נעמט קאַרטאָפֿל און אַנדערע געוויקסן, מע צעאַרבעט אין וואַסער און מע שטעלט א, צום קוימען", פּרץ, 'די סקולער רביצין'.

אויספּרייען זיך — ← דפֿוו. זיך אויסשוויצן אין באָד. זיך א, אויף דעם אייבערשטן פּאָל.

אויספּרינד(ל)ען — טרוו. ־דל, ־דע אויס; ~געפּרינדלט, ~געפּרינדעט. אוקר. אויספּוצן, אויסצירן אויף אַ שרײַאיקן אופֿן. אויספּוצקען. „ווייסט איר וואָס פֿאַר אַ פּנים גלופּסק האָט דעמאָלט געהאַט? ווי אַ כלה וואָס האָט זיך אויסגעפּרינדעט אין אַלערליי מלבושים, מיט פּאַצערקעס און מיט פֿליטערלעך, כּדי צו געפֿעלן דעם חתן", ממוס, 'צוריק אַהיים'.

אויספּריסקען — ־קע אויס, ~געפּריסקעט. סל. אוטוו אַרויסלאָזן דינעם שטראָם וואַ־־־־־ סער; אויסשפּײַען. „אַז ער רעדט פּריסקעט ער אויס". „דאָס פֿערד האָט אויפֿגעהויבן דעם

קאָפּ פֿון עמער וואַסער און האָט
אויסגעפּריסקעט". טרוו — מיט דינעם שטראָם
וואַסער באַנעצן, אויסשפּריצן. א, די בייטן, דאָס
גראָז.

אויספּר▯ען — פּריִע אויס, ~געפּריִעט. אוקר.
דזוו אויספּרייען ←.

אויספּריצעווען — טרוו. ־צעווע אויס, ~
געפּריצעוועט. זן. > פּריץ. אויסקאָמאָנדעווען,
באַפֿעלן, אַרויסווײַזן גאווה. „פּריצעווע אונדז
ניט אויס, ביסט ניט קיין ראַדזיוויל,,.

אויספּרעגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספּרעגלען. אַן א, אויף איין
זײַט.

אויספּרעגלען — טרוו. ־גל אויס, ~
געפּרעגלט. 1. אויסקאָכן אין פֿעטס אויף אַ
פֿלאַכער, אָפֿענער פֿאַן. א, פֿיש, קרעפּלעך,
קנישעס. 2. שטאַרק אויסוואַרעמען. א, די
גלידער אויף דער זון. א, זיך אין זון.

אויספּרעדיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געפּרעדיקט. אויך: ~פּריידיקן. אַרויסברענגען
עפּעס אין אַ דרשה, פּרעדיק (ספּעצ: וועגן רייד
פֿון אַ ניט־ייִדישן גײַסטלעכן) [אָפֿט איר
בײַטעם] א, אַלטן מוסר. א, ליבשאַפֿט און
פּראַקטיצירן שנאה.

אויספּרעזענטירן — טרוו. ־יר אויס, ~
פּרעזענטירט. 1. פֿאָרשטעלן, אָנרופֿן מיט די
נעמען. א, די געסט. 2. געבֿן אַ צאָל
פֿאָרשטעלונגען. א, רייזענס איינאַקטערס. 3.
פֿאָרלייגן קאַנדידאַטן אויף אַמטן. א, ביידע פֿרײַנד
פֿאַרן אַמט פֿון פֿאָרזיצער און וויצע־
פֿאָרזיצער. 4. געבֿן מתּנות צו אַ צאָל. א, די
אָנגעשטעלטע לכּבֿוד יום־טובֿ.
אויספּרענטען — טרוו. ־טע אויט, ~
געפּרענטעט פֿאַרלייגן מיט אַ פּרענט(ע), פֿלאָקן,
.
שטיק אײַזן. א, טיר און טויער. א, אַלע
פֿענצטער.
אויספּרעס — דער, ־ן. אַקט פֿון אויספּרעסן.
דאָס וואָס מע קריגט אַרײַן (געלט,
פּריווילעגיעס) דורך דריקן, שאַנטאַזשירן, סטראַשען.
אויספּרעסגעלט = נעלט וואָס ווערט

311

אויסגעפּרעסט. „פּוילישע און אוקראַאינישע
פּאָליציסטן...האָבן גוט געקענט די שטאָט
און גוט געוואוסט וואו...צו מאַכן אַרעסטן
צוליב אויספּרעסגעלט“, קאַלושינסקי, טמז,

.18 י II 1957

אויספּרעסונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויספּרעסן. דרוק; שווינדל. שאַנטאַזש.
אויספּרעסן — טרוו. פּרעס אויס, ~געפּרעסט.
1. אויסגלאַטן (מאַכן עס זאָלן ניט זײַן קיין
איבעריקע קנייטשלעך) מיט אַ הייס פּרעס(ל),
פּלעטאײַזן איבער שטאָף (מלבוש). „אײַננייען
אַ קנעפּל, צוסטריגעווען אַ בענדל, א אַ
קאָל,

נער — דאָס קען שוין אויך נישט אַ ייִד?“, שע,
'מע הוליעט'. *א, אויף טרוקן = אויך: אַ
ברען טאָן, אַ ברי טאָן עמעצן. 2. מאַכן
גלאַטיק, אָן שאָרסטיקייטן. „זעלטן ווען ער
האָט געהייסן אַן אַרטיקל איבערשרײַבן, א, די
שפּראַך, עס זאָל זיך לייענען גלאַטער„, אר,
'צוקונפֿטס־אַרטיקלען'.
3. אויסדריקן, אויסקוועטשן זאַפֿט,
פֿליסיקייט. א, ווײַנטרויבן. א, פֿרוכטזאַפֿטן. „די
רײַכסטע כלה לײַדט פֿונעם בדחן. וויפֿל ער
וויל, פּרעסט ער אויס טרערן און דרייט זיך
מיט איר צום כשר־טאַנץ“, אמד, רויזע פֿינקל,
ווילנע תּרל“ד. „קיין טראַגעדיע האָט נאָך אַזוי
פֿיל טרערן נישט אויסגעפּרעסט, אַזוי פֿיל

הערצער נישט צעריסן,,, פּרץ, 'יעקבֿ דינעזאָן'.
4. אַרויסקריגן דורך שטאַרקן
געזעלשאַפֿטלעכן, געזעצלעכן דרוק. א, נדבֿות, פּאָדאַטקעס,
הוספֿה. ‘‘ראָש־הקהל האָט געמוזט זײַן דער
וואָס האָט געקאָנט אַרומגיין מיט די שמשים פֿון
איין אָרעם הויז צום צווייטן און אויפֿמאָנען,
אויסדריקן און א, דעם שטײַער‘‘, פּרץ, 'שטעט
און שטעטלעך'.
5. אַרויסקריגן דורך אומגעזעצלעכן
פֿאַר,
ברעכערישן דרוק; אויסשאַנטאַזשירן. א,
אויסקויפֿגעלט. דורך סטראַשונקעס א, גאָלד און
זילבער. א, ביזן לעצטן גראָשן.
6. אַרויסקריגן, אַרויסברענגען דורך
צושטיין צו עמעצן אָדער דורך אייגענער
אָנשטרענגונג. א אַ גוט וואָרט פֿון עמעצן, א,
,
אַ חכמהלע. ,,קיין מאָל האָט מײַן שקלאַפֿיש
ליבן מײַן לעצטע סטראָפֿע אויסגעפּרעסט,
ווען איך האָב בלומען דיר געקליבן‘‘, יהואָש,
אין זון און נעבל.
7. אויסגלײַכן, דערפֿירן צו אַ פּשרה. א,
אַ מחלוקה, קריגערײַ [אויפֿגעקומען אין

אַמעריקע, ← אויספּרעסן זיך].
אויספּרעסן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק. פֿון זיך ווערן רעכט, ווי עס באַדאַרף צו זײַן.
„זאָרג זיך ניט, די צײַט איז דער גרעסטער חכם, און די קריגערײַען וועלן זיך אײַנשטילן, עס וועט זיך א'", רייד. [אויפֿגעקומען צווישן שנײַדערס, פּרעסערס, אין אַמעריקע.]
אויספּרעסעכץ — דאָס (די), ־ן. שלעכטער אופֿן פֿון אויספּרעסן (שטאָף, מלבוש). „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן א'? דאַרפֿסט עס איבער רעסן".
אויספּרעסעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקע אָדער פֿילמאָליקע אויספּרעסונג. סיסטעמאַטישע א'.
אויספּרעסער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך (פּראָפֿעסיאָנעל) מיט אויספּרעסן. בּ1, בּ3, בּ5, בּ7).

אויספּאַזעווען

אויספּרעסערײַ — 1. דאָס, ־ען. אַרבעט, טואונג פֿדן אויספּרעסער. שאַנטאַזש, שטאַרקער דרוק צו קריגן געלט. 2. די, ־ען. אָרט,

וואַרשטאַט וואו מע פּרעסט אָדיס (ווײַנטרויבן, פּרוכטן, מלבושים).
אויספּרעסעריש —. אדי. וואָס איז ווי פֿון (בײַ) אַן אויספּרעסער. דריקנדיק, צושטייענדיק מיט כּוח. א'ע מיטלען.
אויספּרעפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~ געפּרעפּלט. 1. אַרויסרעדן גיך, שטיל, אומקלאָר. א, אַ ביסל עבֿרי. דער בעטלער פּרעפּלט אויס זײַנע פּאַטשערעס. "די לידלעך די נײַע... וואָס זיי פּרעפֿלען אויס אויף נאָטן", ר, מרדכילע, משלים. 2. אויספּלאַפּלען, אויספּלוישן אַ סוד אין דער שטיל. א, רכילות אויף די חבֿרטאָרינס.
אויספּרעפּלעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס פֿון אויספּרעפּלען. 2. פּעיאָ אַ
ניט---

יִדיש געבעט. „עס נעמט ניט קיין ענד צו זייער א„„.
אויספּשטלען — [...פּשעטלען] טרוו. פּשטל אויס, ~געפּשטלט. 1. אויסטײַטשן אויף אַ געדריידלטן אופֿן (ניט ווי עס איז דער פּשט, ניט ווי עס לייגט זיך גלײַך אויפֿן שׂכל), מיט פּלפּול, מיט אַן אומגעריכטן אײַנפֿאַל. א, אַ

נײַעם (ווילדן) פּירוש. 2. קומען צו אַן
אויספֿיר אויף אַ געדריידלטן (צומאָל אומלאָגישן)
אופֿן, דורך אַ ווײַטער אַסאָצ אַציע, קונציק
צוי
טראַכטן אָדער צוטשעפּען זײַטיקס. א,
אַ גאַנצע טעאָריע וואָס האַלט זיך אויף
הינערשע פֿיסלעך. א אַ היתּר ווען עס איז
,
פֿאַראַן אַ בפֿירושער איסור פֿרגל: ~פּלפּולן.
.
אויספּשטלען זיך — ← דפֿוו. האַלטן אַ דרשה
מיט אַ סך פּשטלעך. פּשטלען זיך און
אויפֿהערן. ניט קענען מער זיך פּשטלען. „דער
מגיד האָט זיך שוין אויסגעפּשטלט“.
אויספּתרונען — [...פּי'סרענען] טרוו. פּתרון
אויס, ~געפּתרונט. אויסטײַטשן חלום (אויף
אַ מאָדנעם אופֿן), אויסטראַכטן משונהדיקס.
“ווײ־ווײ, וואָס ער האָט אויסגעחלומט און
אויסגעפּתרונט!“
אויספֿאַבלען — טרוו. ־בל אויס, ~געפֿאַבלט.
1. אויסטראַכטן אַ משל פֿאַבל. 2.
אויס,
קלערן אַ ליגן (איידעלער ווי אויסליגנערן).

אויססאַבריצירן — טרוו. ־ציר אויס, ~(גע)־
פֿאַבריצירט. 1. אויסאַרבעטן אין אַ פֿאַבריק
(וואַרשטאַט) אַ פּראָדוקט. 2. אויסענדיקן די
פֿאַבריצירונג פֿון עפּעס. א, די גאַנצע
באַשטעלונג. 3. אויסטראַכטן וואָס איז ניט
אמת; אויסדערציילן פֿיקטיווע זאַכן. א, אַ
פֿאַלשן תּירוץ. א, עפּעס אַ מעשׂה־נורא.

אויססאָדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאָדערן. א'־פּאַפּירן.

אויססאָדערן —, טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿאָדערט. 1. פֿאַרלאַנגען אַ צאָל זאַכן. יעדער
טאָג א אַן אַנדער מתּנה. 2. דזוו
אַרויס,
פֿאָדערן.

אויססאַזעווען — טרוו. ־זעווע אויס, ~
געפֿאַזעוועט. דזוו אויספּאַזעווען ←. אַרומהובלען
די פֿילאָנקעס, זיי זאָלן אַרײַן אין דער טיר
(סטאָליערײַ, וואָלין).

- -

אויספּאָטאָגראַפ[ירן

אויססאָטאָגראַסירן — טרוו. ־פֿיר אויס,
~(גע)פֿאָטאָגראַפֿירט. פֿאַרענדיקן
פֿאָטאָגראַפֿירן אָדער פֿאָטאָגראַפֿירן אַ צאָל. א אַלע
אין,

טע סאַנטע ווינקעלעך פֿון פּאַרק. א

אויססאָטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿאָטערט. פֿרגל: אויסמוטערן. ווי אַ פֿאָטער

אויסהאָדעווען. זיך באַציִען ווי אַ פֿאָטער. „איך
האָב אויסגעפֿאָטערט דײַנע קינדער, פּונקט ווי
זיי וואָלטן געווען מײַנע אייגענע“, רייד.
אויספֿאַטשיילען זיך — אוטוו. ־לע —זיך
אויס, זיך ~געפֿאַטשיילעט. אויך: ~
פֿאַטשיילקען זיך. זיך אויספּוצן אין אַ
פֿאַטשיילע; אָנטאָן אויף זיך אַ פֿאַטשיילע.

▯

אויססאָכן — טרוו. פֿאָך אויס, ~געפֿאָכט.
מיט עפּעס אַ זאַך מאַכן אַ ווינטל כּדי
אָפּצוקילן. „ער נעמט אַ צײַטונג און פֿאָכט זיך אויס
דאָס פֿאַרשוויצטע פּנים“.
אויספֿאַל — דער, ־ן. 1. אַטאַקע, אָנפֿאַל
אויף אַ שׂונא פֿון אַ באַלאַגערטער פֿעסטונג
אַרויס, אויך פֿון אַ באַהעלטעניש. „איז איין
אויז פֿל גשהן פֿון מקום: בּ, אַלפֿים נפֿשות
די האבּן דען טירק שטרק גישלאגן“,
באַלעגערניש. “דעם אַנדערן טאָג האָבּן די
באַלאַגערטע געמאַכט אַן א'...זיי זענען אָבער
שטאַרק צוריקגעשלאָגן געוואָרן“, קמ, 1863, No
18. 2. אַקט פֿון אויספֿאַלן. „אויף דער
אָפּטיילונג איז ניט חל די צופֿעליקייט פֿון
אײַנפֿאַל און א'“, יג, איק, 1955. 3.
אויסערגעוויינטלעכע זאַך, גליקלעכער צופֿאַל. „אָט וויל

איך כלעבן אײַער אַלטעלען אויך רעדן אַ
גוטן שידוך, איך זאָג אײַך — אַן א, פֿון אַ
שידוך,,, עט, סערקעלע.

אויספֿאַלבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאַלבן.

אויספֿאַלבן — טרוו פֿאַלב אויס, ~געפֿאַלבט.

אויסקנייטשן שטאָף (פּאַפּיר; בייגיקן
מאַטער אַל) אין גלײַכע ליניעס, אַזוי אַז איין פּאַס
י
שטאָף לייגט זיך אויפֿן צווייטן. א אַ קליידל.

,

אויספֿאָלג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויספֿאָלגן;
דורכפֿיר פֿון אָנזאָג. אומבאַטראַכטער,
בלינדער א, פֿון יעדן באַפֿעל.

אויספֿאָלגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאָלגן. ,,פּינקטלעכע א,
פֿון באַפֿעלן“.

אויספֿאָלגן — טרוו פֿאָלג אויס, ~געפֿאָלגט.

.

1. דורכפֿירן וואָס מע זאָגט אָן, באַפֿעלט.
,,קינדער פֿאָלגן אויס דעם טאַטנס צוואָה“.
2. טאָן וואָס אַ צאָל (אַלע) הייסן; דורכפֿירן
אַ צאָל (אַלע) געבאָטן, באַפֿעלן. א אַלע

,
האַרן. א, די דינים פֿון כּשרות. „זײ האָבן
געסלוזשעט, געשטאַנען אויף די לאַפּקעס,
געדרייט מיט די ווײדלען און אויסגעפֿאָלגט
אַלצדינג וואָס מע האָט נאָר געהייסן“, ממוס,
קליאטשע ▯ „ער האָט ניט אויסגעפֿאָלגט די
רייד פֿון זײַנע חבֿרים“, תּניא.
אויספֿאָלגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספֿאָלגן.
אויספֿאָלגער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאָלגט אויס; געהאָרכיקער,
דורכפֿירער פֿון אָנזאָגן, באַפֿעלן.
אויספֿאָלגעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן, איז ווי בײַ אַן אויספֿאָלגער.
אויספֿאַלד(עווע)ן — טרוו. ־ד(עווע) אויס,

~געפֿאַלד(עווע)ט. 1. אויסקנייטשן פּאַפּיר
אין גלײַכע ליניעס. א, אַ בראָשור. 2. דזוו
אויספֿאַלבן.
ויספֿאַלן — אוטוו, דריטפּערזאָניק פֿאַל
.
אויס, איז ~געפֿאַלן [←. אויסלויפֿן וועגן

ה אָ ט]. 1. אָנקומען, זײַן די דאַטע, טאָג
פֿון אַ יום־טובֿ אָדער געשעעניש. „יום־כּיפּור
קען ניט א, אין אַ זונטיק“. „פּונקט ערבֿ
שבֿועות איז [דער משפּט] אויסגעפֿאַלן און
מיטגעבראַכט די סוחרים אַ פֿריילעכן
גערודער„, בערג, אַדוס וואָקזאַל.
2. זיך ענדיקן, זײַן דער רעזולטאַט פֿון אַ
זאַך (געשעעניש), זיך אויסלאָזן. די זאַך, דער
ענין וועט א, געראָטן, גוט, שלעכט, ביטער
אַזוו. „אײַך אָבער...לייג איך אין קליינעם
חרם ביז מיר וועלן וויסן ווי די זאַך איז
אויסגעפֿאַלן“, קמ, No. 14 1863, „ווען חס
ושלום דער חשבון איז ניט אַזוי גוט
אויסגעפֿאַלן...דאַרף ער אויך נישט פֿאַרצווייפֿלען“,
ארז, קמ, No. 37 l864, *א, באָקאָם (באָקעם)
= שלעכט זיך ענדיקן (נאָך עפּעס וואָס האָט
לכתּחילה אין זיך עפּעס גוטס). „האָט זיך
אַמאָל אַ קינד פֿאַרזינדיקט מיט אַ הויך קול,
מיט אַ געלעכטער, איז אים עס נישקשה באָקאָם
אויסגעפֿאַלן פֿון טאַטנס אַ בליק וואָס האָט אים
דורכגעשטאָכן„, ממוס, ווינטשפּ.
3. באַשערט זײַן. דאָס מזל איז אים
אויסגעפֿאַלן. א, אויפֿן גורל, אויפֿן חלק פֿון עמעצן.
„אונדז איז דער גורל אויסגעפֿאַלן צו לאָזן

זיך אַהער", ממוס, ,נשׂרפים'. ,,אויבֿ מע האָט וואָס געדאַרפֿט פֿאַרזעצן...איז דער גורל אויף די לײַכטער קיין מאָל ניט אויסגעפֿאַלן", אר, 'לײַכטער'. קללה: זאָל א, אויף דײַן קאָפּ, לײַבֿ און לעבֿן אאַ = זאָל דיר זײַן בֿאַשערט אַן אומגליק, שלעכטס, ווי אַ שטראָף פֿאַר עפּעס. "וואָס זיי טוען זאָל א, אויף זייערע קעפּ און אויף זייער לײַכֿ און לעבֿן", בֿאַש, משפּחה מושקאַט.

4. זיך טרעפֿן, זיך אַרויסווײַזן בײַ אַ שפּיל, בײַם אויסוואַרפֿן, טיילן קאָרטן אע. ,,פֿאַלט אויס אַס הערץ — אַ ליבֿע הייסט עס...,,, שע, בֿלאָנדזענדע שטערן.

5. זיך בֿאַקומען; זיך אַרויסווײַזן. ,,הײַנט איז מען דאָ און מאָרגן דאָרט, ווי אַ משׂאומתן פֿאַלט אויס", עט, סערקעלע. ,,...אום אויסצומײַדן צו זאָגן זײַנע אַ מיינונג איבֿער אים וואָס וואָלט געוויס ניט גוט אויסגעפֿאַלן (געלונגען)", אמד.

6. אַרויספֿאַלן. די האָר פֿאַלן אים אויס. אַ צאָן איז דעם קינד נעכטן אויסגעפֿאַלן. ,,דז דריטי איז, דער דא זיכט [= זעט] זייני ציין אויז פֿאַלין, דווקא דיא צין, אבֿער ווען ער זיכט אים חלום זײַנע קין בֿאקין אויז

פֿאַלין, דאז ווער איין גוטר חלום“, לט1,
1/66. 7. וועגן שניי: עס וועט בֿאַלד א,
אַ שניי.
8. אויסקומען אויף אַן איינס פֿון אַ מאָס.
„וויפֿל וועגט קוועקזילבער וואָס פֿאַלט אויס
אויף איין קובישן סאַנטימעטער?„. „רעכנט
אויס וויפֿל ס'וועגט דאָס וואַסער וואָס איז
אויסגעפֿאַלן אויף איין קוואַדראַט־מעטער„,
יאַכ.

אויספֿאַלצונג

אויספֿאַלן — אוטוו. פֿאַל אויס, בין ~געפֿאַלן.
1. [בלויז דריטפערזאָניק אין הײַנטצײַטיקן
יידיש] אַרויפֿקומען אויפֿן זינען, אײַנפֿאַלן.
„ווי פֿאַלט מיר אויס אַזוינס צו זאָגן?“, ממוס,
קליינמעגטשעלע. „דער תּליון ממאהילאוו איז
צו מיר גקומן אונ, האָט גשפּראכן לפֿי תּומו:
גאָט געבֿ דז דער רוצח זאַל מיר אין דיא
הנד קומן...האבֿ איך גישפּראכן ווי פֿאלשטו
אויז. האָט ער גשפּראכן...“, שו“ת 'גבֿורת
אנשים', [הש I]. „אײַ איך וועל...אויף אים
שטאַרק ברוגז זײַן. ווי פֿאַלט ער אויס צו טון
אַזאַ נאַרישקייט!“, קמ, 49 l866, No. „קשיות

האָט געפֿרעגט איטלעכער באַזונדער: אַזעלכעס צו זאָגן ווי פֿאַלט די תּורה אויס?", ממוס, שירה. „— ווי האַלט איצט האָבער? — איז דער [?] גבֿיר אויסגעפֿאַלן צו פֿרעגן„, אר, 'דער גמילת חסד'. [אין אַנדערע טיילן ליטע און רײַסן איז מעגלעך בלויז: איז דעם גבֿיר אויסגעפֿאַלן...]

2. אַרײַנפֿאַלן אין אַ צאָל ערטער. אַרומזוכן. „וואו בין איך דען נישט אויסגעפֿאַלן? [אין] גאַנצן עסיק־סטריט, [אין] גאַנץ נאָדל־סטריט", לאַט, מישקע.

3. אָפּשטיין, אַרויספֿאַלן פֿון אַ ריי, שפּיל. דו פֿאַלסט אויס! — בײַ קינדערישע ציילענישן. מיט זײַנע מעשׂים, אין זײַן האַלטונג, פֿאַלט ער אויס פֿון די איבעריקע.

4. מאַכן אַטאַקע פֿון באַלאַגערטער שטאָט, פֿעסטונג. „בײַנאַכט וועט איר אַרויס דורכן טויער און א, אויפֿן שׂונא".

5. אומקומען, אַוועקפֿאַלן. ס'איז אַ מגיפֿה און די בהמות פֿאַלן אויס. „גאַנצע צוויי יאָר האָט דאָרט געהערשט אַ טריקעניש... די בהמות זענען אויסגעפֿאַלן", פּה, פֿון ווײַטע לענדער.

6. זיך אויסשליסן פֿון כּלל, טאָן שלעכטס. אַרכ. „אוב איין יחיד אַן רבים ח"ו וואלטין

אויס פַּלין און, וואלטין דיא שׂררה יר,,ה אונטר ריכטן, דאז דא ווער...“, תּקק.

אויספַּאַלן — טרוו. ← דפּוו. אַרכ. 1. דורכלאָזן, אויסלאָזן. “אין זיין רידן ווען ער זעלט אויז פַּאלין און, זעלט דעם מלך לאָזן זיצן און, ער מעכט מיט איינם אנדרן אַן היבּן רידן דאש געלטיט אים יוא זיין הלז“, לט1, 1/8. 2. מיט מ אַ כ ן = אויסקלאַפּן, אויסהאַקן. מס2/46 ,t פַּאַרטײַטשט ,ואם שן עבֿדו או שן אמתו יפּיל, (שמות, כא, 27): ,,ער ווערט מאַכן אויז פַּאַלין...“.

אויספַּאַלעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספַּאַלן. צוריקטריט, דעגענעראַציע. ,,וויבּאַלד זיי האָבּן פַּאַרלוירן זייער פּאָטערלאַנד, האָבּן זיי אויפֿגעהערט פַּאַר זיך אַליין אַ קיום צו האָבּן און אויף זיי איז געקומען אַן אויסקריכעניש, א,...,, ממוס, אַ סגולה.

אויספַּאַלער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. 1. דאָס קינד וואָס פַּאַלט אַרויס בּײַ ציילעניש. ,,אַן א, ציילט מען ניט נאָכאַמאָל,,. 2. ווער עס נעמט אָנטייל אין אַן אַטאַקע אויף אַ שׂונא (← אויספַּאַלן, אוטוו, 3).

אויספַּאַלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויספֿאַלצן. די א, איז מיט
אַ מאַשין.

אויספֿאַלצן

אויספֿאַלצן — טרוו פֿאַלץ אויס, ~
גע.
פֿאַלצט. אויסקנייטשן און צונויפֿלייגן (
פּאַפּיר). א, די בראָשור.
אויספֿאַלצעטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~געפֿאַלצעטעוועט. אויסזינגען עפּעס מיט אַ
פֿאלצעט פֿאַלש א, דעם פּאָפּולערן ניגון.
— .

אויס אַלשעוו — טרוו עווע אויס,
ען —
טשעווען.
- .
~געפֿאַלשעוועט. אויך: ~פּאַ
1. מאַכן אינגאַנצן, דורכויס פֿאַלש, פֿעל(ט)שן.
א, אַ וועקסל. 2. מיט פֿאַלשקייט(ן) עפּעס
אַרויסקריגן. א, איבעריקע צאָלונגען.

אויססאַנג — דער, ־ען. אַקט פֿון
אויספֿאָנגען. געראָטענער א, פֿון אַלע אַנטלאָפֿענע

אַר טאַנטן.

אויססאַנגען — טרוו. פֿאַנג אויס, ~ געפֿאַנגען. אויסכאַפּן, ספּעץ וועגן אַ יעגער פֿיש, כאַפּער פֿייגלכאַפּער אע. א. אין אַ נעץ.

-

,

אויססאַנדן — טרוו. פֿאַנד אויס, ~געפֿאַנדט. אויסלייזן זאַכן, משכּנות, וואָס מע האָט גענומען בײַ אַ שפּיל, ווען עמעצער איז אין עפּעס דורכגעפֿאַלן. „נו, אַלע האָבן שוין געגעבן פֿאַנדן. איצט וועלן מיר זיי א'„.

אויספֿאַנטאַזירונג — די, ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַנטאַזירן. „ס'איז אינטערעסאַנט, אָבער בלויז ווי אַן א'“.

אויססאַנטאַזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)־ פֿאַנטאַזירט. אויסטראַכטן אין דער פֿאַנטאַזיע, שאַפֿן מיטן כּוח פֿון דמיון. „מע וואָלט אויסגעפֿאַנטאַזירט...וואונדערלעכע העראָאישע איינצלהייטן“, שנ, ה. לייוויק.

-

אויססאַנירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) פֿאַנירט פֿאַרענדיקן באַדעקן מיט דינע ברעט.

לעך פֿון טײַערן האָלץ. א, די װענט. „דאָס א, הױלקעס, שטאַבן...פֿאַרשאַפֿט ניט דעם בעלמלאכה קײן באַזונדערע שװעריקײטן“, בער.

-

אױססאָנען — טרוו. פֿאָן אױס, ~געפֿאָנט.
אױספּוצן מיט פֿאָנען (בײַ אַ פּאַראַד, יום־טובֿ אע). א, די גאַסן.
אױספֿאָנפֿען — טרוו ־פֿע אױס, ~ געפֿאָנפֿעט. אַרױסברענגען װערטער אונטער דער נאָז אָדער בכלל אַרױסרעדן אַזױ עס זאָל זײַן שװער צו פֿאַרשטײן. קוים א, װאָס מע װיל זאָגן.
אױספֿאָנפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (גערדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אױספֿאָנפֿען. „ס'איז נעבעך געװען ניט קײן רעדע, נאָר אַן א'„..

אױססאַסטן — אַקוזוו. פֿאַסט אױס, ~ געפֿאַסט. 1 פֿאַסטן ביזן סוף, דעם גאַנצן טאָג.
.
„װען אײנר אבר גוט טײַטש גיזאגט העט, ער װעלט דען טג פֿאַשטן אודר העטש געסטר אויף זיך גינומן, מוש ער פֿולענט אויש

פֿאַשטן“, ספֿר המנהגים, אמשט 1723, כז/בֿ. „ווען דער ערשטער יאָרצײַט איז געפֿאַלן אינמיטן דער וואָך און ער האָט אויסגעפֿאַסט, מוז ער אויך שפּעטער, ווען דער יאָרצײַט געפֿאַלט אום פֿרײַטיק, א, בֿיז נאַכט“, חא, נד/בֿ. „מ'דאַרף הײַנט עסן, כּדי צו קאָנען דעם מעת־לעת אָן אַ מכשול א'...ס'איז ערבֿ יוםכּיפּור“, היימיש, 2 .6 1958, No. דורכפֿאַסטן אַ צאָל (אַלע) תּעניתים. „מײַן זיידע ע“ה האָט די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון זײַן לעבֿן אויסגעפֿאַסט אַלע מאָנטיקן און דאָנערשטיקן, חוץ סתּם תּעניתים בײַ יעדער געלעגנהייט“, רייד.

„דא נון אסתּר האָט אויסגעפֿאַסט געהאַט די דרײַ טאָג, איין טאָג נאָך דעם אַנדערן“, ר, □ . מטריבֿש, מצח אַהרן.

א□ר

אויססאַסטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ניט עסן און ניט טרינקען אַ לענגערע צײַט; אויסהונגערן זיך. „זאָל ער זיך דאָרט גוט א'“, ייִט, טאָג, 5 1955 XI.

אויססאַסטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פון אויספאַסטן (זיך) „נאָך אַזאַ לאַנג א, איז
ער וּוים געקומען צו זיך“.
אויססאַסטריגעווען — טרוו. ־געווע אויס,
~(גע)פאַסטריגעוועט. אויסנייען, דורכנייען
מיט לאַנגע שטעך און וואָלוועלן, גרינג־
צערײַסלעכן פאָדעם. א, ביידע מאַרינאַרקעס.
אויספאַסן — טרוו פאַס אויס, ~געפאַסט.
.
גאַליציע. אויסטאַפּן, אָננעמען, אָנכאַפּן. *א,
בראַנזלעטן = דערפילן די הענט אין קייטן.
„היט זיך, וועסט א, בראַנזלעטן!„..
אויספאָפּ(ע)ן — טרוו. ־פּ(ע) אויס, ~
געפאָפּ(ע)ט. אויסנאַרן. אַרויסקריגן עפּעס אויף
אַ כיטרען אופן. „מײַן טבֿע איז ניט לײַטן
געלט אויז צו פאָפּן אודר בייא אינן צו פרעסן
און— שטאָפּן“, מ t, הקדמה.
,
אויססאָצקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געפאָצקעט. אָפּט מיט ז י ך. אויספּוצן שרײַאיק,

מיט שלעכטן געשמאַק. „זי האָט שוין
אויסגעטאָן איר אַלמנהשאַפֿט און זיך
אויסגעפֿאָצקעט“, רייד.
אויספֿאָצקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאָ קען (זיך).
אויספּוצעניש, איר.
אויספֿאָ'קוסן — טרוו. ־קוס אויס, ~געפֿ ־
קוסט. מאַכן אַ קונץ, דערגרייכן עפּעס דורך
קונצן פֿאָקוס(ן). „אַז מע קוקט אים גוט אויף
די הענט קאָן ער קיין זאַך ניט א,“.
אויספֿאַקטרעווען — טרוו. ־רעווע אויס,
~געפֿאַקטרעוועט. אויסמעקלערן; העלפֿן
פֿאַרקויפֿן עפּעס אָדער פֿאַרדינען דורך זײַן אַ
פֿאַקטער. א אַ פּאָר גראָשן.
אויספֿאַקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געפֿאַקלט.
אויסלײַכטן מיט פֿאַקלען. א, דעם פּאַראַד, דעם
בײַנאַכטיקן מאַרש.
אויספֿאָר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויספֿאָרן. אַן א, אין (איבער) די דרום־אַמעריקאַנער
לענדער. 2. אָרט וואו אַ צאָל פֿורן זײַנען
געפֿאָרן. „קיין וועג דורכן וואַלד איז נאָך ניטאָ,
אָבער עס איז שוין דאָ אַן א, און מע קען

נאָכגיין די סליאָדן פֿון די וועגענער“. 3.
אָרויספֿאָר. „דער ערשטער א, פֿון צענטורע אויף
דעם ים“, איין שיינע מעע)ה פֿון צענטאָרע
ווענטאָרע, זשיטאָמיר 1876.

□

אויססאַר־ — קאָמבֿינאַציע פֿון קאָנווערבֿ
א ו י ס און ווערבֿאַלן סופֿיקס פ אַ ר.
טרעפֿט זיך אָפֿט און שאַפֿט אַ גרויסע צאָל
ווערבֿן (דערעיקר אין דער ריידשפּראַך). דער
אינפֿיניטיוו (און די קומעדיקע צײַט), דער
פּאַרטיציפּ (און די פֿאַרגאַנגענע צײַט) קומען
אַרויס גרינג און נאַטירלעך, בֿעת די איצטיקע
צײַט און דער אימפּעראַטיוו טרעפֿן זיך אַ סך
זעלטענער און קומען אַרויס, אין געוויסע
פֿאַלן, אַ בֿיסל געקינצלט.
אויספֿאַראייבֿיקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~פֿאַראייבֿיקט. אינגאַנצן פֿאַראייבֿיקן אָדער

-

אויספּאַרהאַקן

פֿאַראייבֿיקן אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. „ער
וויל א אַלע זײַנע רייד“.

,

אויססאַראַכטן — טרוו. ־אַכט אויס, ~
פֿאַראַכט. באַציִען זיך מיט ביטול פֿאַראַכטונג
,
צו אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. א אַלע זייערע
,
פֿירונגען. א, די קעגנערס.
אויספֿאַרבאַהאַלטן — טרוו. ־האַלט אויס,
~פֿאַרבאַהאַלטן. אָפּט מיט ז י ך. אינגאַנצן,
גוט באַהאַלטן. „דרײַ יאָר האָב איך זיך
אויספֿאַרבאַהאַלטן פֿון די נאַציס“, רייד.

אויססאַרבאָטן — טרוו. ־באָט אויס, ~
פֿאַרבאָטן. דורכויס, אינגאַנצן פֿאַרבאָטן;
פֿאַרווערן אַ צאָל טואונגען אָדער אַ צאָל מענטשן
[ווענען מע פֿאַרבאָט — אין דאַטיוו]. א, די
פּאַציענטן דאָס רייכערן. א, יידישע קרעמערס
צו פֿאַרקויפֿן סחורה מיט אַן אַקציז.

אויססאַרבאָרגן — טרוו. ־באָרג אויס,
~פֿארבאָרגן. אויסבאַהאַלטן. א אַן
אַנטלאָפֿע,

-

נעם אַ סוד.
אויססאַרבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרבן. „די א, וועט ניט
געדויערן אַזוי לאַנג ווי די אויסשפּאַכטלונג“.

אויססאַרבן — טרוו. פֿאַרב אויס, ~געפֿאַרבט,
~געפֿאָרבן. 1. באַדעקן מיט אַ קאָליריקער
פֿליסיקייט (אַ צאָל זאַכן); אויסמאָלן. א, ווענט,
דעם דיל, ברעטער, פּאָליצעס אאַזוו. 2.
אָפּשילדערן, אויסדערציילן אויף אַ לעבעדיקן אופֿן.
א, ווי זי גייט, וואָס זי טראָגט. פֿטמ.
אויספֿאַרבעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויספֿאַרבן,
אויספֿאַרבונג.

אויספֿאַרבּער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס טוט אָפּ אויף גיך (ניט גענוג גוט)
די אַרבּעט פֿון אַ פֿאַרבּער, מאַליער, מאָלער.
,,ער איז ניט קיין מאָלער פֿון פּייזאַזשן, ער
איז בלויז אַן א,,,, רייד.

-

אויססאַרגינען — אוטוו. ־גין אויס, ~
פֿאַרגונען. פֿטמ. דזוו פֿאַרגינען, נאָר עמפֿאַטישער.
,,גלייבּט מיר, איך פֿאַרגין אײַך אויס מיטן
גאַנצן האַרצן אײַערע גליקן און אײַערע
עשירותן,,.
אויספֿאַרגיפֿט(יק)ן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ.
~פֿאַרגיפֿט(יקט). דזוו אויספֿאַרסמען ←.
אויספֿאַרדינגען — טרוו. ־דינג אויס, ~
פֿאַרדונגען. ענדגילטיק פֿאַרדינגען אַלץ וואָס מע
קען (מע האָט). א, אַלע דירות פֿון דעם נײַעם
הויז.
אויספֿאַרדעכטיקן — טרוו. ־טיק אריס,
~פֿאַרדעכטיקט. חושד זײַן אַ צאָל (אַלע).
א אַלע בּאַקאָנטע פֿון זײַן פֿרוי. א, די נײַס
,

וואָס ווערט צענזורירט.
אויספֿאַרהאַלטן — טרוו. ־האַלט אויס,
~פֿארהאלטן. 1 פֿאַרהאַלטן בלויז אויף אַ
— — .
געוויסער צײַט. א, די עדות צוויי טעג. 2.
פֿאַרהאַלטן אַ צאָל (אַלע). א, אַלע פֿאַרדעכטיקטע.
אויספֿאַרהאָפֿן — טרוו. ־האָף אויס, ~
פֿאַרהאָפֿט. פֿטמ. דזוו אויסהאָפֿן, נאָר
עמפֿאַטישער. א, בעסערע צײַטן. אויך אוטוו: א, אויף...

אויססאַרהאַקן — טרוו. ־האַק אויס, ~
פֿאַרהאַקט. אינגאַנצן פֿאַרקלאַפּן (מיט ברעטער,
שטאַנגען, אײַזגס), א, די פֿעגצטער, טירן,
דורכגענג אע.

אויספֿאַרהאַרטעווען

אויססאַרהאַרטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~פֿאַרהאַרטעוועט. 1. האַרט מאַכן אַ צאָל
(אַלע). צרות פֿאַרהאַרטעווען אויס
מענטשלעכע הערצער. 2. שטאַרק האַרט מאַכן. א,
דעם מעטאַל.
אויספֿאַרהוילן — טרוו. ־הויל אויס, ~
פֿאַרהוילט. 1. באַהאַלטן אַ צאָל (אַלע) זאַכן. א,
געגנבֿעטע חפֿצים, סודות. 2. שטאַרק, גוט
או באַהאַלטן. א, די אייגענע פֿאַרגאַנגענהייט.
ים
אויססאַרהויקערן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~פֿאַרהויקערט. פֿאַרדרייען, פֿאַרקריפּלען, אַז
עס באַקומען זיך חסרונות. „דער גלות האָט
אויספֿאַרהויקערט דעם ייִדן„..
אויספֿאַרהולטייעווען —. טרוו. ־עווע אויס,
-
~פֿאַרהולטײַעוועט. פֿטמ. אינגאַנצן
אויסברענגען— ען
דדרך זײַ , טרוו. ־ליע אויס, ~
פֿאַראַ הולטײַ. א, די גאַנצע ירושה.

אויססאַרהול
הוליעט. פֿטמ. אינגאַנצן אויסגעבֿן,
אויסברענגען דורך אַ פֿאַרשווענדעריש לעבֿן. א,
דאָס גאַנצע געלט.
□
אויססאַרהונגערונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרהונגערן.
פֿולשטענדיקע א'.

□
אויססאַרהונגערן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~פֿאַרהונגערט. אינגאַנצן, אויף טויט
פֿאַרפּײַניקן מיט הונגער. א, געפֿאַנגענע, ייִדן אין
די □ עטאָס.
אויססאַרהיטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרהיטן. קונציקע,
סיסטע□טישע א'.
אויססאַרהיטן — טרוו. ־היט אויס, ~
פֿאַרהיט. דזוו פֿאַרהיטן, נאָר עמפֿאַטישער. „גאָט
זאָל א, פֿון אַלע סכּנות וואָס לויערן אויף
אונדז□“.
אויספֿאַרהייליקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~פֿאַרהייליקט. האַלטן פֿאַר הייליק, מאַכן אַז

אַנדערע זאָלן הייליק האַלטן. א אַלע רייד פֿון

,

דעם גדול; א, אַלע געפֿאַלענע, אומגעקומענע

אע.

אויספֿאַרהילכן — טרוו. ־הילך אויס, ~
פֿאַרהילכט. איבערהילכן; שטאַרק שרײַען,
טומלען, אַרויסגעבן קלאַנגען גובֿר צו זײַן אַנדערע
קלאַנגען. א, מיט געשרייען פֿון פּראָטעסט.

-

אויססאַרהענגען — טרוו. ־הענג אויס,
~פֿאַרהאַנגען (אויך: ~האָנגען, ~הענגט).
1. ענדיקן פֿאַרדעקן מיט אַ פֿאָרהאַנג, לײַלעך
אע. א אַלע פֿענצטער. 2. באַזײַטיקן,
סוס,
פּענדירן אויף אַ צײַט (אַ צאָל) פֿון אַן
אָרגאַניזאַציע. „דער צע־קא האָט אויספֿאַרהאָנגען די
הויפּטפֿירערס פֿון דער אָפּאָזיציע“.

▯

אויססאַרהערן — טרוו. ־הער אויס, ~
פֿאַרהערט. דורכעקזאַמענירן, פֿאַרענדיקן

אויספֿרעגן אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. א, בעלפּה אַלע תּלמידים. עטלעכע מאָל א, די זעלבֿיקע עדות.

אויססאַרהערעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויספֿארהערן. דאָס א, האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט.

אויספֿאַרוואַלגערן זיך — אוטוו. ־גער זיך אויס, זיך ~פֿארוואלגערט. זיך אײַנגעפֿינען אין אַן אומגעריכט אָרט, ווינקל, באַהעלטעניש (אָן כּוונה, סיסטעם). „בײַ אים אין די

שופֿ314

לאָדן פֿאַרוואַלגערן זיך אויס אינטערעסאַנטע בריוו פֿון דער אַלטער היים“, רייד.

אויססאַרוואַרסן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ. ~פֿאַרוואָרפֿן. 1. אין פֿאַרשיידענע ערטער (אומעטום) צעוואַרפֿן. א, די בֿיכער אונטער די

בעטן. 2. (סוחריש) פֿאַרבראַקירן אַ צאָל זאַכן. „וואָס האָט איר אויספֿאַרוואָרפֿן מער ווי אַ העלפֿט אַרטיקלען פֿון דער באַשטעלונג?“.

אויססאַרוויגן — טרוו. ־וויג אויס, ~ פֿאַרוויגט. (פֿרוּוון) אײַנשלעפ(ער)ן מיט פֿאַרשיידענע מיטלען. א, מיט דעמאַגאָגישע צוזאָגן.

אויססאַרוויסטן — טרוו. ־וויסט אויס, ~פֿאַרוויסט. אינגאַנצן חרובֿ, וויסט מאַכן אַ צאָל (אַלץ). א, די דערפֿער און שטעט פֿון שׂונאס לאַנד.

אויספֿאַרוויקלען — טרוו. ־וויקל אויס, ~פֿאַרוויקלט. אַרום און אַרום פֿאַרדעקן; פֿאַרדרייען פֿאַרפּלאָנטערן אַ צאָל זאַכן

— ,

(ענינים). א, די שנירלעך פּערל. א, קלאָרע טעאָריעס מיט קרומע פּשטלעך.

אויססאַרווישן — טרוו. ־וויש אויס, ~ פֿאַרווישט. 1. אויבנאויף (שלעכט) אָפּווישן אַ צאָל זאַכן; בײַם ווישן פֿאַרשטופּן שטויב אין

אַ זײַט. א, די רוקנס פֿון די בּיכער און לאָזן דעם שטױבּ אױף די פּאָליצעס. 2. מאַכן אומקלאָר אַ צאָל ענינים. א, שאַרפֿע חילוקידעות.

אױספֿאַרװעלן זיך — אוטװ, דריטפּערזאַניק. ־װעלט זיך אױס, זיך ~פֿאַרװעלט. פֿטמ. לר. דזװ פֿאַרװעלן זיך, נאָר עמפּאַטישער. „װאָס דעם קינד פֿאַרװעלט זיך נאָר אױס!„.

-

אױססאַרװערן — טרװ. פֿאַרװער אױס, ~פֿאַרװערט. דזװ אױספֿאַרבּאָטן, אָבּער פֿאָלקסטימלעכער.

אױספֿאָרונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אױספֿאָרן. 2. דזװ אױספֿאָר←.

„...די צײַט פֿון איר אױז פֿאהרונג צו לימיטי◌ן„, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ״ד.

אױססאַרזאָגן —, טרװ. ־זאָג אױס, ~ פֿאַרזאָגט. אָנזאָגן, בּאַפֿעלן; פֿאַרװערן. א, יעדערן בּאַזונדער װאָס ער האָט צו טאָן.

אױספֿאַרזאָרגט — אַדי. בּאַװאָרנט מיט אַ◌I.; װאָס דאַרף מער ניט זאָרגן װעגן דעם. אַן א'ער אױף דער עלטער.

-

אױססאַרזאָרגן — טרװ. ־זאָרג אױס, ~

פֿאַרזאָרגט. 1. צוגרייטן, באַזאָרגן אין אַלע פּרטים. א, פֿאַר דער נסיעה קליידער און פּראָוו אַנט. 2. האָבן דאגות, זאָרגענישן, וועגן

י

אַ צאָל (ענינים, מענטשן). א, די גאַנצע וועלט.

אויססאַרזאָרגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך צו פֿיל מיט פֿאַרזאָרגן אַנדערע. „ווער האָט דיך געבעטן צו זײַן אונדזער א'?“.

אויספֿאַרזוכן — טרוו. ־זוך אויס, ~פֿאַרזוכט. 1. אויספּרוּוון דעם טעם פֿון שפּײַזן. א, געקעכטסן פֿון אַלע טעפּלעך. 2. איבערלעבן פֿאַרשיידענע דערפֿאַרונגען. א, רײַכקייט און אָרעמקייט.

-

אויססאַרזיכערן — טרוו. ־כער אויס, ~ פֿאַרזיכערט. 1. צוזאָגן, באַוואָרענען, זיכער מאַכן אויף אַ לעצטגילטיקן אופֿן. א, די וואָס גנבֿענען די גרענעץ אַז קיין בייז וועט זיי ניט געשען. 2. פֿאַרזיכערן, פֿאַרסטראַכירן אַ צאָל

אויספּאַרטיקן

(אַלע). א, אַלע באַקאָנטע אין פֿאַרשיידענע אומגליקספֿאַלן.

אויססאַרזינדיקן זיך — ־דיק זיך אויס, זיך ~פֿאַרזינדיקט. דזוו פֿאַרזינדיקן זיך, נאָר עמפֿאַטישער. „וואָס האָב איך זיך דאָ אַזוי שטאַר אויספֿאַרזינדיקט פֿאַר דיר?„, רייד.

אויססאַרזיסן — טרוו. פֿאַרזיס אויס, ~ פֿאַרזיסט. צוגעבן צו פֿיל צוקער (זיסקייט בכלל). א, די רייד מיט איבערגעטריבענע קאָמפּלימענטן.

אויספֿאַרזעצן — טרוו. ־זעץ אויס, ~ פֿאַרזעצט. 1. אָפּגעבן ווי משכּנות אַ צאָל (אַלע) זאַכן פֿאַר אַ שטיקל ברויט אַלעס אויס—. „...

פֿאַרזעצט‘‘, נ. לאָטרינגער, דער יודישער דלות, לעמבערג. 2. פֿאַרפֿלאַנצן שפּראָצלעך, בלעטעלעך מיט אַ וואָרצעלע, פֿון פֿאַרשיידענע מינים גרינסן אָדער אין אַ צאָל בייטן. א, אַלע בייטן מיט בוריקעס, מערן און אַנדערע

גרינצײַג.
אויספֿאַרטײַטשונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרטײַטשן.
ריכטיקע (פֿאַלשע) א'.

אויססאַרטייטשן — טרוו. ־טײַטש אויס,
--
~פֿאַרטײַטשט. איבערזעצן, דערקלערן אַ צאָל
ענינים. א, איטלעך וואָרט באַזונדער און אַרײַנ
לייגן אין מויל אַרײַן.

אויססאַרטייטשער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע,
--
־ס. אויסטײַטשער און פֿאַרטײַטשער
צוזאַמען. אומגעראָטענער אויסטײַטשער אָדער
פֿאַרטײַטשער. „אַליין פֿאַרשטייסטו ניט וואָס
זיי ריידן צו דיר, און נעמסט זיך אונטער צו
זײַן דער א'".
אויספֿאַרטיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרטיילן. (אומ)גערעכטע
א, פֿון פּראָדוקטן.
אויספֿאַרטיילן — טרוו. ־טייל אויס, ~
פֿאַרטיילט. 1. געבן באַזונדערע פּאָרציעס, חלקים

צו אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע, ביז עס
פֿאַרענדיקט זיך דאָס וואָס מע טיילט
פֿונאַנדער. א, די תּבֿואה פֿון די שײַערן (פֿאַר) דעם
הונגעריקן המון. 2. ניט געבן אָדער געבן
קלענערע חלקים צו אַ צאָל בײַם
פֿונאַנדערטיילן עפּעס; באַעוולען בײַם אויסטיילן. „אָלע
האָבן געקראָגן, און אונדז האָט מען
אויספֿאַרטיילט“.
אויספֿאַרטיילער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט
אויספֿאַרטיילן. (אומ)יושרדיקער א, פֿון חסדים.
אויספֿאַרטיליקן — טרוו. ־ליק אויס, ~
פֿאַרטיליקט. אינגאַנצן אויסראָטן, אומבּרענגען.
א, דאָס שלעכטס פֿון דער וועלט. א, רשעים.
אויספֿאַרטיפֿן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ. ~
פֿאַרטיפֿט. מאַכן נאָך טיפֿער. א אַ גרובֿ. א,
,

דעם אַנאַליז פֿון דער פּראָבלעם.

-

אויססאַרטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרטיקן. פֿינקטלעכע א'.

-

אויססאַרטיקן — טרוו פֿאַרטיק אויס,

.

~געפֿארטיקט. 1. ברענגען צו דער מדרגה פֿון זײַן פֿאַרענדיקט, אינגאַנצן אויסגעאַרבעט. א, סחורה, אַ מאַנוסקריפּט צום דרוק אאַזוו. „ווען ער האָט שוין יאָ אויסגעפֿאַרטיקט אַ מלבוש, איז עס...געלעגן ווי אויסגעגאָסן“, ווײַסמאן, פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש. *א אַ שידוך =

,

אויספֿאַרטיקן זיך

פֿון רעדן אַ שידוך ביז העלפֿן בײַ דער חתונה. 2. באַשטימען. „האָט דער מלך די ייִדן אויסגעפֿאַרטיקט אַ טערמין...“, אין די צײַטן פֿון בעש“ט הקדוש, לעמבערג 1887.

אויססאַרטיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך

צוגרייטן, אויסריכטן זיך, אויסשטאַטן זיך.
א, זיך צו דער נסיעה, דער פֿאָרשטעלונג
אאַז□ו.
אויסספאַרטיקער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־ס.
ווער עס טוט דעם לעצטן טייל אַרבעט בײַ אַ
פּראָדוציר־פּראָצעס.
אויספֿאָרטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
געפֿאָרטלט. אַרויסקריגן עפּעס מיט אַ קונץ, דריידל.
א, פֿאַר זיך אַ שטיקל פּריווילעגיע.
□
אויסספאַרטעמפּן — טרוו. □טעמפּ אויס,
~פֿאַרטעמפּט. מאַכן נאָך טעמפּער. א, דאָס
קינ□ א, די מוחות.
אויסספאַרטרויען — ־טרוי אויס, ~
פֿאַרטרויט. אוטוו — האָבן צוטרוי צו אַ צאָל.
א, יעדערן [דאַטיוו] פֿון דער גאַס. טרוו —
מיט צוטרוי איבערגעבן סודות. א, אַלע פֿרײַנד
ווי מע האָט זיך געראַטעוועט.
אויספֿאַרטרייבן — טרוו. איצ, אימפּ נב.
-
~פֿאַרטריבן. אינגאַנצן פֿאַרטרײַבן פֿאַריאָגן.
,
א, ייִדן פֿון אַ צאָל פּרנסות, א, פֿון אַלע

שטעטלעך בײַ דער גרענעץ.

▯

אויססאַרטשאַדען ▯ טרוו. ־דע אויס, ~פֿאַרטשאַדעט. 1. דורך אָנמאַכן אַ טשאַד, רויך, פֿאַרשאַפֿן קאָפּווייטיק, געפֿיל פֿון איבּלקייט. א, די אַרבּעטאָרערס מיט די הייסע פּרעסלעך. 2. אָנפֿילן מיט טשאַד, רויך. א, אַלע צימערן.

אויספֿאַרטשעפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~פֿאַרטשעפּעט. אויך מיט ז י ך. קינדערלשון. אָנרירן, שטויסן, ניט לאָזן צו רו אַ צאָל מאָל. „ער פֿאַרטשעפּעט זיך אויס מיט אונדז, מיר ווילן זיך ניט שפּילן מיט אים“.

אויספֿאַרטשעפּער — דער, ־ס. קינדער־לשון, קאָוונע. ווער עס טשעפּעט זיך. „בּיסט אַ שלעפּער, אַן א'. מיר'ן דיר [= דיך] צערײַסן און אין ת... שמײַסן“, קל.

▯

אויססאַרכאַפּן — טרוו. ־כאַפּ אויס, ~ פֿאַרכאַפּט. גיך נעמען פֿאַר זיך, אַרויסרײַסן פֿון יענעמס הענט. א, אַלע גוטע פּלעצער. א, דאָס וועגעלע האָלץ פֿון דעם פּויער.

אויספֿאַרכאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
אויסכאַפּעניש, נאָר עמפֿאַטישער.
אויספֿאַרכאַפּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פֿאַרכאַפּט אַלץ. „ער איז ניט
קיין פֿירער בײַ אונדז, ער איז אַן א',„ רייד.
אויספֿאַרכאַפּעריי — דאָס & די, ־ען.

טואונג, אויפֿפֿירונג פֿון אַן אויספֿאַרכאַפּער.
אויספֿאָרכט(יק)ן — טרוו. פֿאָרכט(יק) אויס,
~געפֿאָרכט(יקט). נעאָל. שאַפֿן מיט פֿאָרכט(
יקייט). „די לידער האָט ער אויסגעפֿאָרכט אין
נעכט אָן שלאָף“.
אויספֿאַרלאַנגען — טרוו. ־לאַנג אויס,
~פֿאַרלאַנגט. באַגערן פֿאָדערן אַ צאָל זאַכן.

„אַז דער מענטש וואָלט אַזוי פֿיל ניט א',
וואָלט אים גרינגער געווען צו לעבן אויף
דער וועלט“.
אויספֿאַרלאָדן — אַדי, פּאַר אויספֿאַרלירן ←.
~פֿאַרלאָרענער. „אַ פֿײַערדיקער

סאַלאַמאַנ315

דער איז דאָס האַרץ, אין תּהום פֿון בלוט א',„

בראָד, 'באַגײַסטערונג,.
אויספֿאַרלײַען — טרוו. ־לײַ אויס, ~
פֿאַרליִען. לד. געבן צו ניצן אויף אַ געוויסער
צײַט אַ צאָל (אַלע) זאַכן. ,,ער פֿאַרלײַט אויס
אַלע קנעפּלעך, אָבער דעם מלבוש לאָזט ער
פֿאַר זיך" פֿוול.
—
,
אויספֿאַרלייקענען — טרוו. ־לייקן אויס,
~פֿאַרלייקנט. 1. אויף אַלץ קאַטעגאָריש זאָגן
אַז עס איז ניט אַזוי. א אַלע פֿאַקטן. 2.
נע,
גירן, זיך אַרויסזאָגן קעגן מיינונגען,
גלייבונגען אע. א, אַלע אידעאַלן.
אויספֿאַרלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~
פֿאַרלאָרן. אָנווערן, פֿאַרלירן אַ צאָל (אַלע) זאַכן
פֿון אַ גרופּע. ,,וואו זײַנען דײַנע ברילן?
וואו איז דײַן בוך? דו האָסט זיי שוין
אויספֿאַרלאָרן", רייד.
אויספֿאַרלעבן — טרוו. ־לעב אויס, ~
פֿאַרלעבט. פֿטמ. 1. דורכלעבן אינגאַנצן. ,,איר
זאָלט א, אײַערע יאָרן אין נחת און אין
פֿריידן". 2. אויסגעבן דורך לעבן ברייטלעך.
א, אַלץ וואָס מע פֿאַרדינט.
אויספֿאַרלענגערן — טרוו. ־לענגער אויס,

~פֿאַרלענגערט. מאַכן לענגער אין צײַט. א,
דאָס לעבן, טערמינען פֿון וועקסלען.
אויספֿאַרלענדונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרלענדן.
אויספֿאַרלענדן — טרוו. ־לענד אויס, ~פֿאַר
לענדט. 1. אינגאַנצן אומבּרענגען. א, די
ש □ט, די אײַנוואוינערס.
ט
אויספֿאַרמאָגן — טרוו. ־מאָג אויס, ~
פֿאַרמאָגט. האָבן, באַזיצן פֿאַרשיידענע זאַכן אָדער
אין פֿאַרשיידענע צײַטן. "וואָס ער האָט
אויספֿאַרמאָגט — און איצט מוז ער אָנקומען צו
קיצבּה". „איר זאָלט ניט מער א, וויפֿל איך
פֿאַרדין דאָ בײַ אײַך".
אויספֿאַרמאַטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
פֿאַרמאַטערט. שטאַרק מיד מאַכן אַ צאָל (אַלע).
א, די שקלאַפֿן מיט שווערער אַרבּעט.
אויספֿאַרמאַכן — טרוו. ־מאַך אויס, ~
פֿאַרמאַכט. ענדגילטיק, אַלץ פֿאַרמאַכן, שליסן. א,
אַלע קראָמען בּעת דער לוויה.
אויספֿאַרמוטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~פֿאַרמוטשעט. שטאַרק מאַטערן (דורך
שווערער אַרבּעט). „אַז עס פֿאַלט צו די נאַכט,
זע איך ערשט רעכט ווי די קינדער האָבן מיך

אויספֿאַרמוטשעט“, רייד.
אויספֿאַרמיאוסן — טרוו. ־מיאוס אויס, ~פֿארמיאוסט פֿטמ. דזוו פֿאַרמיאוסן, נאָר
— —

עמפֿאַטישער. א, אין דעם ייִדנס אויגן די פֿירעכצער פֿון די געצנדינערס.
אויספֿאַרמיטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ פֿאַרמיטלט. ביזן סוף דורכפֿירן די אַרבעט פֿון אַ פֿאַרמיטלער, פּשרה־מאַכער. א, דעם וואַלשידוך צווישן די ביידע פּאַרטייען.
אויספֿאַרמיידן — טרוו. ־מײַד אויס,
.
~פֿאַרמידן, ~פֿאַרמיטן, (אויך: ~ פֿאַרמײַדט). אינגאַנצן פֿאַרמײַדן, זען עס זאָלן ניט געשען אַ צאָל פּאַסירונגען. א, אַלע באַגעגענישן מיט אַ געוועזענעם פֿרײַנד. א, צרות, אָנשיקענישן.
אויספֿאָרמירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאָרמירן.

-
אויספֿאָרן

-

אויססאָרמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~(געׄ־
פֿאָרמירט. 1 פֿאָרמירן ביזן סוף

פֿאַרענ . ,

דיקן פֿאָרמירן. א אַ פּראָיעקט, די
ליטעראַ,

טור־שפּראַך. „גימפּל האָט אים אַן עצה
געגעבן און האָט אים אויסגעפֿאָרמירט אַ
פּלאַן“, ליאָנדאָר, נײַער בריפֿן שטעלער,
ווילנע 1887, ז, 77. 2. אויספֿורעמען; שאַפֿן
פֿאָרעם פֿורעם, געשטאַלט. א אַ גרופּע

סקולפּ , ,

טור־ווערק. 3. שאַפֿן אָרדענונג, סיסטעם. א,

אַן אידעאָלאָגיע, אַ סטראַטעגישן פּלאַן א .

4. אָרגאַניזירן, אויסשטאַטן. א, אַן אַרמיי, אַ

מלוכה אַפּאַראַט   אע. 5. אײַנשטעלן;

אַנטוויקלען, אויסבּילדן. א, דעם כאַראַקטער.

אויססאָרמירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָן
כּוונה, אָן זײַטיקן כּוח, קריגן אַ פֿאָרעם
פֿו,
רעם, געשטאַלט, אָדער אָרדענונג, סיסטעם.
„אונדזער כּלל־שפּראַך האָט צום טייל זיך
אַליין אויספֿאָרמירט". „דעם מענטשנס
כאַראַקטער פֿאָרמירט זיך אויס אויך אָן דעם
אַרײַנמיש פֿון דערציִער". „דער עצם חומר
המוח וחומר הלב האָבן זיך אַזוי
אויספֿאָרמירט אַז זיי זאָלן איינע די אַנדערע
מיטהעלפֿן", לדבֿ.
אויססאָרמירער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
ווער עס פֿאָרמירט אויס; אויספֿורעמער. א,
פֿון אונדזער מדינהשאַפֿט.
אויססאָרמעווען — טרוו. ־מעווע אויס,
~געפֿאָרמעוועט. 1. שאַפֿן אַ פֿיזישע,
ממשותדיקע פֿאָרמע פֿורעם. א, פֿיגורן פֿון
,
ליים. 2. דזוו אויספֿאָרמירן. „מוסר פֿון אַ
פֿאָטער פֿאָרמויט אויס אַ קלוגן זון", מס,

משלי תקע״ד, יג, 1.

אויססאַרמעקן — טרוו. ־מעק אויס, ~ פֿאַרמעקט. שטאַרק, אינגאַנצן פֿאַרמעקן. א, מע זאָל ניט קענען דורכלייענען.

￼

אויססאַרמשכונען — [...מאַשקענען] טרוו. ־משכּון אויס, ~פֿאַרמשכּונט. אָפּגעבן אַ צאָל (אַלע) זאַכן ווי גאַראַנטיע פֿאַר אַ חובֿ. א, דאָס בעטגעוואַנט אַפֿילו.

￼

אויססאָרן — אוטוו. פֿאָר אויס, בין ~ געפֿאָרן [← אויסלויפֿן ועגן ה אָ בּ]. 1. זײַן, פֿאָרן אין פֿאַרשיידענע ערטער; פֿאָרן אַ סך. „מײַן געטרײַ פֿערדל וואָס איז מיט מיר אויסגעפֿאָרן כּמעט בכל תּפֿוצות ישׂראל — זה הפֿערדל הלך למיתה״, ממוס, קליאַטשע. 2 פֿאָרן צו אַ צאָל מענטשן (נאָך הילף). א,

.

צו גרויסע דאָקטוירים, צו רבּיים, גדולים אע. „מען איז מיט איר אויסגעפֿאָרן צו אַלע

דאָקטוירים און קיינער האָט איר נישט געקענט
העלפֿן“, פּרץ, ,עלנט'.

3 אַרויספֿאָרן. ,,ער איז צו ווייסן בּורק
גיוועזן און, איז אויש גיפֿארן צו פֿרעגן וואו
פּולנישה שׂרים שבֿויים זיין“, שו,,ת בּ,,ח,
פֿפֿמ, 1797 [הש I] פֿרגל אויסגיין בּ 19.

.

4. אַרויספֿאָרן ערגעץ צוליבֿ פֿאַרגעניגן
(געוויינטלעך מיט עמעצן). אַמ. ,,ניט בּחינם איז
סעם אַזוי אויפֿגעלייגט געווען — ער איז
נעכטן אויסגעפֿאָרן מיט פֿאָלין“, אָפּאַ,
אונטערוועלט.

אויספֿאָרן —. אַקוזוו. ← דפֿוו. אויסזײַן,
אַרומוואַנדערן פֿאָרנדיק אין אַ צאָל ערטער.
,,מע פֿליט, מע פֿאָרט אויס אַ וועלט, ניט
רעכט אָנצוקוקן די שיינע נאַטור“, ממןס,

□

אויספּאָרן

שם און יפֿת'. ,,איך קען אים ניט? איך פֿאָר,
אויס מיט אים וועלטן“, בּערג, בּײַם דניעפּער I.
,,אויסגעפֿאָרן אַלע לענדער, אַהיים געקומען
אָן העמדער“, שוו. ,,אויסגעפֿאָרן די וועלט —

געקומען קויטיק“ (סאָניק).

-

אויססאָרן — טרוו פֿאָר אויס, בין ~געפֿאָרן

.

[אויך: האָב...] 1. עפּעס אויפֿטאָן, דערגרייכן מיט אַרומפֿאָרן. „אַ פּאַטשיק ספּיטשיק אָנגעוואָרן, דעם ת... אָפּגעפֿראָרן און גאָרנישט אויסגעפֿאָרן“, פֿוול. 2. אויסטרעטן דורכן פֿאָרן, מאַכן גרייט צום באַנוצן. א אַ

,

וועג. 3. אײַנגעוואוינען צו גיין אין שפּאַן. אויסדרעסירן. א אַ פֿערד.

,

4. במקום־ווערב פֿאַר אַ צאָל טואונגען מיט פֿילמאָליקע באַוועגונגען, למשל אַנשטאָט: אויספּאַטשן, אויסקלאַפּן, אויסרײַבן, אויסוואַלגערן אאַזוו. “איינער...וואָס שאַרפֿט די ציין אויף גלאָסנע...פֿאַרבעט...אויף דער אייבערשטער באַנק דעם גרעסטן יחסן און בעלדעה, וועלכן ער וויל אַ ביסל א, טשאַקענדיק מיט זײַן כּבֿוד אַליין“, ממוס, פֿישקע.

אויססאַרנאַרן — טרוו. פֿאַרנאַר אויס, ~פֿאַרנאַרט. פֿטמ. דזוו פֿאַרנאַרן, נאָר

עמפּאַטישער.

אויססאָרן זיך — ← אויספּאָרן, אוטוו & אַקוזוו. 1. אַזוי זיך, אָן באַשטימטן צוועק פּאָרו. 2. אַרומפּאָרן און אויפֿהערן.

אויספּאָרני(ט)שן — טרוו פּאָרני(ט)ש אויס, ~געפּאָרני(ט)שט. אמ אויסמעבלירן. א, דעם אַפּאַרטמענט. פּפּ. ~פּוירנישן. ,,כ'האָב אויסגעפּוירנישט אַ הויז'', ה. אַקערמאַן, טמז, 60 נ 4 IX.

אויססאַרניצן — טרוו. ־ניץ אויס, ~פּאַרניצט. אינגאַנצן פֿאַרבּרויכן פֿאַרניצן אויף אַ צאָל זאַכן. א, מעל, צוקער און פּוטער (און ניט האָ ן געגוג אויף דעם געבּעק).

אויססאַרנעמען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ ~פּאַרנומען, ~פּאַרנעמען. ענדיקן פֿאַרנעמען; צונעמען אין באַזיץ אַ צאָל (אַלע) זאַכן. א,

אַלע גוטע ערטער.

￼

אויססאַרנעצן — טרוו. ־נעץ אויס, ~
פֿאַרנעצט. אינגאַנצן נאַס מאַכן אַ צאָל זאַכן. א,
אַלע מלבּושים.

-

אויססאַרסאָרען — טרוו. ־רע אויס, ~
פֿאַרסאָרעט. וורר. אויספֿאַרשיטן מיט שטויבּ,
שמוץ. „שיט ניט קיין זאַמד! דו פֿאַרסאָרעסט
דאָך אויס די אויגן!“.

￼

אויססאַרסטאָמפּען — טרוו. ־פּע אויס,
~פֿאַרסטאָמפּעט. וורר. אויספֿאַרשטעלן,
אויספֿאַרצוימען. א אַלע אַרויסגענג.

,

□

אויססאַרסטרופּעט — אַדי. וואָס האָט אַ
ציי‏כן, אַ קאַרבּ פֿון אַ פֿאַרהייל‏טן שניט. „דער
א'ער פּנים זאָגט עדות אַז ער איז אַ
קרימינאַלניק“.

-

אויססאַרסטריגעווען — טרוו פֿטמ. דזוו

.

אויספּאַסטריגעווען →.

□

אויססאָרסירן — טרוו. ־סיר אויס, ~
פֿאָרסירט. מיט כּוח, קעגן ווילן פֿון צווייטן
אַרויסקריגן. א אַ הלוואה, צושטימונג.

,

אויסמאַרסמאָדערן — טרוו. ־דער אויס,
~פֿארסמאָדערט. לר, וורר. דזוו
אויספֿאַרשמאָדערן ←.

316

אויספֿאַרסמאַליע(נע)ן — טרוו. ־ליע אויס,
~פֿארסמאליעט. 1 פֿאַרבּרענען די
אייבּער־ — .
פֿלאַך אָדער די בּרעגן פֿון אַ צאָל זאַכן. א,
עטלעכע קליידלעך בּײַם פּרעסן. 2. צו שטאַרק
אָפּבּרענען בּײַם סמאַליען, זענגען אַן
אָפּגעפֿליקט עוף. א, די כּפּרה־הענער.
אויספֿאַרסמאָלצעוועט — אַדי
פֿאַרבּרו.
דיקט, פֿאַרשמוצט מיט פֿעטס, חלבֿ. אַן א'ע
קאַפּאָטע.
אויססאַרסמאַרקען, ~סמאָרקען — טרוו.
־קע אויס; ~פֿאַרסמאַרקעט, ~סמאָרקעט.
פֿארבּרודיקן פֿאַרשמוצן מיט ראָץ, שנײַצעכץ
— ,
אַ צאָל זאַכן. א, די פּאָלעס פֿירהענגלעך.
— ,

אויססאַרסמען — [...סאַמען] טרוו. ־סם אויס,
~פֿאַרסמט. 1. דורך סם טייטן אַ צאָל (אַלע).
א, איינציקוויַיז די פּרעטענדענטן אויפֿן טראָן.
2. אויסווירקן אַזוי ווי מע וואָלט
אַריַינגעגעבן סם. א, די באַציאונגען מיט די שכנים.
אויססאַרסעווען — טרוו. ־סעווע אויס, ~
געפֿאַרסעוועט. קאַליע מאַכן (פֿאָרשטעלונג, ראָל)
דורך גוזמאדיקע קאָמישע שטיק. א, אַ
קלאַסישע קאָמעדיע.
אויססאַרסהענען — [...סאַ'רכענען] טרוו.
איצ, אימפּ נבֿ. ~פֿאַרסרחעט, ~פֿאַרסרחנט.
שטאַרק אויספֿאַרשטינקען. „מע שטעלט אויף
אַ גאַרבאַרניע און זי ווערט א, די גאַנצע
געגנט“.

-

אויססאַרעיפּושן — [...אי'פּעשן] טרוו.
־עיפּוש אויס, ~פֿאַרעיפּושט. דזוו
אויספֿאַרסרחענען. אויך מיט ז י ך. ווערן עקלדיק,
נבֿזה. זיך א, אין אַלעמענס אויגן.

אויססאָרעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿאָרעמען (זיך). א, פֿון

פלענער.

אויססאָרעמען — טרוו. ־רעם אויס, ~ געפֿאָרעמט. ← אויספֿורעמען. 1. פֿאַרענדיקן שאַפֿן אַ פֿאָרעם פֿאָרעמס. „ער האָט אין —

זײַנע הענט דעם איידלסטן מאַטעריאַל, דעם נפֿש, און ער דאַרף אים מאָדעלירן און א'“, מוק, באַגעגענישן. 2. אײַנשטעלן אַ סיסטעם, סדר. אויספֿאָרמירן. א אַן אידעאָלאָגיע.

,

אויססאָרעמען זיך — ← דפֿוו. דזוו אויספֿאָרמירן זיך ←.

אויססאַרענגען — טרוו. פֿאַרענג אויס, ~פֿאַרענגט. (שנײַדעריש) מאַכן גאָר ענג. א, אַ מלבוש.

-

אויססאַרענגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אָנשטרענגען די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן
בײַם נאָכקומען פֿאָדערונגען, באַדערפֿענישן.
זיך , חתונה צו מאַכן די טעכטער.
אויססאַרענדיקן — טרוו ־דיק אויס, ~
פֿאַרענדיקט. דורכפֿירן די לעצטע אַרבעט־
פּראָצעסן. אויספֿאַרטיקן. א, אַ מלבוש, אַ בנין
אאַזוו.

אויססאַרענדיקער — דער, ־ס. וונ נבֿ.
דזוו אויספֿאַרטיקער ←.

אויססאַרענדערן זיך —, אוטוו. ־דער זיך
אויס, זיך ~פֿאַרענדערט. פּר. זיך שטאַרק
בײַטן. „ער האָט זיך אַזוי אויספֿאַרענדערט
— יִר אים צו דערקענען“, רייד.
אַז ט איז שוו
אויססאַרענטסערן — טרוו. ־פֿער אויס,
~פֿארענטפֿערט. 1 פֿאַרענטפֿערן, געפֿינען
—
ענטפֿערס (תּירוצים) אויף אַ צאָל (אַלע)

געס (שאלות, קשיות, פּראָבּלעמען). 2.
פּאַרטיידיקן, געפֿינען באַרעכטיקונג פֿאַר מעשׂים,
רייד. א, די פּריַנד.

אויססאַרענטסערן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
בּעטן מחילה, זיך פּאַרטיידיקן פֿאַר אַ צאָל
(מעשׂים, רייד) אָדער פֿאַר אַ צאָל מענטשן. א,
זיך פֿאַר די פּריַנד. זיך א, פֿאַרן ניט שרײַבּן
בּריוו.

-

אויססאָרעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויספּאָרן. אַן א, וואָס
האָט אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט.
-

אויססאַרעקשנען זיך — [...אַ'קשענען]
אוטוו. איצ, אימפּ נבּ. זיך ~פּאַרעקשנט. זיך
שטאַרק אײַנעקשנען, ווערן אײַנגעשפּאַרט. זיך

א, ווי אַן אמתער אייזל.

אויססאָרער — דער, ־ס. ווג נבֿ. דער וואָס
פֿאָרט אויס, ספּעציעל פֿאָרט אויס אַ פֿערד.

אויססאַרערן — טרוו. פֿאַרע'ר אויס, ~
פֿאַרערט. 1. אויסדריקן פֿאַרערונג צו אַ צאָל.
א, געלערנטע לײַט. 2. זײַן אַ פֿאַרערער פֿון
אַ צאָל פֿרויען; הויפֿירן. א אַלע בּאַקאָנטע
,
דאַן.
אויססאַרפּאַטשקען — טרוו. ־קע אויס,
~פֿאַרפּאַטשקעט. אויך מיט ז י ך. מאַכן
אומריין אַ צאָל זאַכן. א, אַלע בּלעטלעך
פּאַפּיר. זיך א, די הענטלעך.
אויספֿאַרפּאַליע(נע)ן — טרוו. ־ליע אויס,
~פֿאַרפּאַליעט. לר, וורר. שטאַרק אָנהייצן,
אָנבּרענען. אויספֿאַרפּאַליעט דעם אויוון אַז די
קאַכליעס זײַנען רויט געוואָרן.

אויססאַרפּאַקן —. טרוו. ־פּאַק אויס, ~

פֿאַרפּאַקט. ענדיקן אײַנפּאַקן; פֿאַרפּאַקן אַלץ וואָס
מע □ .אַרף. א, די גאַנצע סחורה, א, די קופֿערטן.
אויססאַרפּאַרען — טרוו. ־רע אויס, ~
פֿאַרפּאַרעט פֿטמ. 1. מאַכן עס זאָל גיין אַ
.
פּאַרע (עס זאָל זײַן הייס ווי אַ פּאַרע). א,
די באָד. 2. אויפֿקאָכן וואַסער און
אַרויפֿגיס□־ אויף עפּעס. א, טיי.
אויססאַרפּוצן — טרוו. ־פּוץ אויס, ~
פֿאַרפּוצט. אָפּט מיט ז י ך. שטאַרק אויספּוצן;
פֿאַרפּוצן אַ צאָל (זאַכן, מענטשן). א, זיך ווי
צו אַ באַל.
אויספֿאַרפּליושקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס,
~פֿאַרפּליושקעט. 1. אינגאַנצן פֿאַרגיסן (אַ
צאָל זאַכן). א, די פּאָדלאָגע און די ווענט.
2. אויסגיסן דורך זײַן ניט אָפּגעהיט. א,
האַלבע גלעזער.
□
אויססאַרפּעטשאַטעווען — טרוו. ־טעווע
אויס, ~פֿאַרפּעטשאַטעוועט. סל. אַרויפֿלייגן
שטעמפּלען, ספּעציעל מצד דער מאַכט, מע
זאָל ניט קענען ניצן, צוקומען צו עפּעס. "דער
אינספּעקטאָר האָט אויספֿאַרפּעטשאַטעוועט די

קראָמען וואו מע האָט געפֿונען קאָנטראַבאַנד“,
ריי .

-

אויססאַרפּעסטן — טרוו. ־פּעסט אויס,
~פֿאַרפּעסט. 1. אַרײַנבּרענגען קלעפּיקע
קרענק (אין אַ צאָל ערטער). א, אַ געגנט.
2. אויספֿאַרעיפּושן ←.

-

אויססאַרפּראַצעוועט — אַדי.
אויסגעהאָרעוועט, אויסגעמאַטערט פֿון שווערער אַרבּעט.
קומע אַ ון א'ער. טרוו ~פּראַצע
—
פֿאַרהיים ווען.
אויססאַרסוי ט — אַדי. אינגאַנצן
פֿוילט. א'ע ציין.

אויספֿאַרפֿוילן

אויספֿאַרפֿוילן — אוטוו. איצ, אימפּ נבּ.
~פֿאַרפֿוילט. ווערן אינגאַנצן פֿאַרפֿוילט. די
עפּל ווען א, אין קעלער.
אויספֿאַרפֿולן — סרוו. איצ, אימפּ נבּ.

~פֿאַרפֿולט. אינגאַנצן פֿול מאַכן; פֿול מאַכן
אַ צאָל כּלים. א, דעם בּעכער מיט טרערן. א,
אַלע לאַדישקעס.
אויספֿאַרפֿולקומען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~פֿאַרפֿולקומט. מאַכן גאָר גוט, פּערפֿעקט,
אַ צאָל זאַכן. א, שניצערײַען, געמעלן. קען
מע[illegible]־ א, [illegible]עם מענטשן?
אויססאַרסונדעוועט — אַדי.
אײַנגעפֿעסטיקט, וואָס איז מיט אַ זיכערן פֿונדאַמענט.
א'ער שטייגער לעבן.
אויספֿאַרפֿיילן — טרוו. ־פֿײַל אויס, ~

פֿאַרפֿײַלט. 1. אינגאַנצן צופֿײַלן, ווי עס געהער
צו זײַן, אַ צאָל זאַכן. א, די שפּיצן פֿון
אײַזנדלעך. 2. שלעכט, איבּעריק אָפּפֿײַלן. א,
שליסלען און זיי קאַליע מאַכן.
אויספֿאַרפֿינצטערן — טרוו. ־טער אויס,
~פֿארפֿײַנ(ער)ט. מאַכן פֿײַן פֿײַנער אַ
—
,
שטיקל אַרבּעט, פֿירונג, כאַראַקטער אאַ.
אויספֿאַרפֿינצטערן — טרוו. ־טער אויס,
~פֿארפֿינצטערט פֿטמ. אינגאַנצן, שטאַרק
— *
פֿינצטער מאַכן. א, דאָס לעבן.

אויספֿאַרפֿלייצן — טרוו. ־פֿלייץ אויס,
~פֿאַרפֿלייצט. 1. פֿאַרפֿלייצן אַ גרעסערן
שטח. „די קעלערן פֿון דער גאַנצער גאַס
זײַנען אויספֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון דעם
געוויסער“. 2. אומעטום פֿאַרשפּרייטן,
פֿונאַנדערוואַרפֿן. א, די גאַסן מיט די אויפֿרופֿן.
אויספֿאַרפֿל עָן — אוטוו. ־פֿלי אויס, בין
~פֿאַרפֿלויגן. פֿליִען אין פֿאַרשיידענע (
ווײַטע) ערטער. אַרומפֿליִען בלאָנדזשענדיק, אָן
אַ ציל. א, הינטער הרי־חושך.
אויספֿאַרפֿלעכטן — טרוו. ־פֿלעכט אויס,
~פֿאַרפֿלאָכטן. ענדיקן פֿאַרפֿלעכטן. „אַ
האַלבע שעה גייט אַוועק אויף אויספֿאַרקעמען די
האָר און א, די צעפּ פֿון די טעכטערלעך„, רייד.
אויספֿאַרפֿעלן — פֿאַרפֿעל אויס, ~
פֿאָרפֿעלט. אוטוו — אַ צאָל מאָל דורכלאָזן צו
קומען (זײַן). א, אין שול יעדן מאָנטיק און
דאָנערשטיק. טרוו — איבערהיפּערן,
אויסר ן
לאָזן. א
— טרוו. ← אויספֿירן. מאַכן
, טל כע זײַטלעך.
אויספֿאַרס

מע (עס) זאָל אינגאַנצן פֿאַרפֿרוירן ווערן.
„דער בעל־הבית אײַלט זיך ניט צו פֿאַרריכטן דעם קעסל, ער וויל א, די שכנים„, רייד.
אויספֿאַרצאַפּן — טרוו. ־צאַפּ אויס, ~ פֿאַרצאַפּט. פֿטמ. דזוו פֿאַרצאַפּן, נאָר עמפֿאַטישער. א, דאָס בלוט.
אויספֿאַרצוימען — טרוו. ־צוים אויס, ~פֿאַרצוימט. אין לד: ~צאַמען. מאַכן צוימען, שטערונג דורכצוגיין פֿון אַ צאָל
,
(אַלע) זײַטן. א, אַלע דורכגענג.
אויספֿאַרצוקן — טרוו. ־צוק אויס, ~ פֿאַרצוקט. דזוו פֿאַרצוקן, נאָר עמפֿאַטישער. א, אַלע שעפֿעלעך.
אויספֿאַרצוקערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרצוקערן. גיכער אויספֿאַרקויף.
אויספֿאַרצוקערן — טרוו. ־ער אויס, ~ פֿאַרצוקערט. 1. אַרײַנגעבן אַ סך (איבעריקן)

קער. א, די געבעקסן, אײַנגעמאַכטס אע.

2. גרינג און גיך אויספֿאַרקויפֿן. א, די ניַימאָדישע היטעלעך.

אויססאַרצייכענען — טרוו. ־כן אויס, ~פֿאַרצייכנט. אינגאַנצן, אַלץ פֿאַרצייכענען, פֿאַרשרײַבן. א, די פּרײַזן אויף די עטיקעטלעך.

אויספֿאַרציילן — טרוו. ־צייל אויס, ~ פֿאַרציילט. דזוו אויסדערציילן ←.

אויססאַרציילן זיך — קזוו, טרוו. ← דפֿוו. דזוו אויסדערציילן זיך.

אויספֿאַרציילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויספֿאַרציילן. אַן א, פֿון מעשׂיות בּיז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

אויספֿאַרציילער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס האָט ליבּ (קען גוט) אויספֿאַרציילן מעשׂיות, בּאַשרײַבּן פּאַסירונגען. 2. ווער עס קען ניט האַלטן קיין סוד. אַזאַ א'קע, איך וועל איר מער קיין סוד ניט אָנפֿאַ רויען.

אויססאַרצינען — טרוו. ־צין אויס, ~ פֿאַרצינט. פֿאַרענדיקן איבּערציִען, בּאַגיסן מיט צין אַ צאָל (אַלע) כּלים ,,ס'איז מאָרגן ערבֿ פּסח און איך ווייס ניט ווי איך וועל בּאַוויַיזן

א אַלע טעפּלעך״.

,

~ ,אויססאַרצען —, טרוו. ־צי אויס
פֿאַרצויגן. פֿטמ 1. איבּעריק לאַנג טאָן אַן
אַרבּעט. א, די הכנות, דאָס דערציילן אאַזוו.
2. אָפּלייגן אויף שפּעטער. ,,שיקט אים שוין
דעם ענטפֿער. ווי לאַנג נאָך וועט איר עס א'?,,
אויספֿאַרצען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
← דפֿוו פֿאַרשלעפּן זיך, אָפּגעלייגט ווערן
.
אויף שפּעטער. ,,דער פּראָצעס האָט זיך
אויספֿאַרצויגן אויף עטלעכע יאָר,,.
אויספֿאַרצירעווען — טרוו ־רעווע אויס,
~פֿאַרצירעוועט. אויספֿאַרריכטן לאָך, ריס,
מיט נאָדל און פֿאָדעם. א, אַלע סקאַרפּעטן.
אויספֿאַרצן — פֿאַרץ אויס, ~געפֿאָרצן,
~געפֿאַרצט. וואול. אוטוו — פּלוצעם
אָרויסלאָזן גאַזן פֿון קערפּער דורך דער אַנאַלער
עפֿענונג. טרוו — אַרויסבּרענגען עפּעס אויף
אַן אופֿן וואָס איז ענלעך צום פֿאַרצן. א,
אַ ניגון

י — אוטוו ← דפֿוו. 1. זיך
ד
2. קוים

.

אויססאַרצן ז
גרינגער מאַכן דורך אַרויסלאָזן גאַזן.
זיך אויסקלייַבן עפּעס צו טאָן.
אויספֿאַרצעניש — דאָס (די), ־ן. וואול.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרצן (זיך).
אויספֿאַרצער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. וואול.
(איר און בייז) קריכער, פּאַמעלעכער
אַרבעטער.
אויספֿאַרצע'רט — אדי. דזוו אויסגעצערט.
זייער דאַר, אָפּגעמאָגערט. א, ווי נאָך אַ קרענק.
אויספֿאַרצערעווען — טרוו ־רעווע אויס,
-
~פֿאַרצערעוועט. דזוו אויספֿאַרצירעווען ←.
אויספֿאַרצרה(ווע)ט — [...צאָ'רע(ווע)ט]
אדי. דורכגעליטן אַ סך צרות. אַן א, פּנים,
א'ע מענטשן.
אויספֿאַרקאָוועט — טרוו. ־קאָווע אויס,

~פֿאַרקאָוועט. 1. ענדיקן פֿאַרשמידן אַ צאָל. א,
די אַרעסטאַנטן מיט קייטן אויף די הענט און
אויף די פֿיס. 2. אַרויפֿלייגן פּאָדקעוועס אויף
אָ צאָל (אַלע) פֿערד.

אויספֿאַרקייטלען

▯

אויסאַרקאַטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~פֿאַרקאַטעוועט. אויסשמײַסן בּיזן
אינגאַנצן צעמזיקן אָדער בּיזן טויט. „אין די
לאַגערן פֿלעגט מען א, פֿאַרן קלענסטן עובֿר
זײַן אויף די בּאַפֿעלן,,, רייד.
אויספֿאַרקאַלייעט — אַדי. וורר. סל.
1. אויספֿאַרפֿוירן. 2. דורכגעבּרענט.
אויספֿאַרקאַמען — טרוו. ־קאַם אויס, ~
פֿאַרקאַמט. אינגאַנצן בּרענגען אין אָרדענונג האָר
(פֿעל, וואָל אע) מיט אַ קאַם. א, וואָל. א, די

קינדערלעך.

אויססאַרקאָרקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~פֿאַרקאָרקעוועט. פֿאַרענדיקן אַרײַנקלאַפּן
קאָר(י)קעס אין אַ צאָל (אַלע) פֿלעשער. א,
דעם מעד = די פֿלעשער מיט מעד.
אויספֿאַרקאַשערן — טרוו. ־ער אויס,
~פֿאַרקאַשערט. לד. פֿאַרקאַטשען די אַרבל.
„מיר האָבן אויספֿאַרקאַשערט די אַרבל און
זיך גענומען צו דער אַרבעט„, רייד.
אויספֿאַרקוועטשן — ־קוועטש אויס, ~
פֿאַרקוועטשט. אוטוו — שטאָרק זיך פֿאַרקוועטשן.
„דאָס האַרץ האָט מיר אויספֿאַרקוועטשט, ווען
איך האָב דאָס דערזען“. טרוו — שטאַרק
פֿאַרקוועטשן. א אַ פֿינגער.

אויספֿאַרקויטיקן — טרוו. ־טיק אויס,
~פֿאַרקויטיקט. מאַכן אינגאַנצן שמוציק,
בּרודיק. א, די העמדלעך.
אויספֿאַרקוילט — אַדי. וואָס איז געוואָרן

(ווי) קויל, שטיינקויל; פֿאַרשטיינערט. א'ע רעשטן פֿון אַמאָליקע געוויקסן.
אויספֿאַרקויף — דער, ־ן. אַקט פֿון אויספֿאַרקויפֿן. איינצל־פֿאַרקויף פֿון גאַנצן אָנגעזאַמלטן סכום סחורה לויט בּיליקערע פּרײַזן. אויקציאָן. עפֿנטלעכער א‚. ‚‚און דעם אַלטן מגיד איז פֿאָרגעשטאַנען מאַכן אויף זײַנע זעקס דרשות אַן א'‚‚ אַר‚ 'דער אַלטער מגיד‚.

אויספֿאַרקויסן — טרוו. ־קויף אויס‚ ~ פֿאַרקויפֿט. פֿאַרקויפֿן אַלץ וואָס איז פֿאַראַן (וואָס מע וויל פֿאַרקויפֿן); פֿאַרקויפֿן וועלוועלער כּדי גיכער זיך צו בּאַפֿרײַען פֿון (איבּעריקער) סחורה, קריגן מזומן געלט. א‚ פֿאַר בּאַר געלט. א‚ דעם גאַנצן ראַמש. ‚‚ס'ווערט אויספֿאַרקויפֿט עד לפּ‘‘ק‘‘ (שע) = בּיזן לעצטן פּעקל סחורה [ווש לפּ‘‘ק: פּאַק]. ‚‚פֿון די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבּן אויספֿאַרקויפֿט פֿון שטובּ האָט קיין איינע ניט צוגעשטעלט אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן ווי די גלעזערנע שאַפֿע‘‘‚ שע‚ וואָטל.
אויספֿאַרקויפֿעניש — דאָס (די)‚ ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספֿאַרקויפֿן.
אויספֿאַרקויפֿער — דער‚ ־ס. ווג ־ין‚ ־קע‚

־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויספֿאַרקויפֿן.
אויקציאָנער. אַ געניטער א,.
אויספֿאַרקויפֿעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויספֿאַרקויפֿער. א'ע
פֿעאיקייט, געניטקייט, גענג.
אויספֿאַרקיטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~פֿארקיטעוועט פֿאַרקלעפּן מיט קיט אַ צאָל
— .
(שויבן, שפּאַלטן). א, אַלע פֿענצטער.
אויספֿאַרקייטלען — ־טל אויס, ~
פֿאַרקייטלט. פֿאַרמאַכן מיט אַ קייטל, צופֿעסטיקן

אויספֿאַרקירעווען

קייטלעך צו אַ צאָל (טירן, פֿאָרטקעס). א, די
טיר מיט אַ פּאָר קייטלעך.

אויססאַרקירעווען — טרוו. ־רעווע אויס,
~פֿאַרקירעוועט. אויך מיט ז י ך.
אויסדרייען אויף צוריק(וועגס). א, פֿערד און וואָגן
און פֿאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן.

אויססאַרקירצונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרקירצן.

אויססאַרקירצן — טרוו. ־קירץ אויס, ~
פֿאַרקירצט. מאַכן קורץ (קירצער) אין צײַט. א,
דעם טערמין, דעם באַזוך.
אויספֿאַרקלינעווען — טרוו. ־נעווע אויס,
~פֿארקלינעוועט פֿאַרפֿעסטיקן מיט קלינעס,
—
.
אַרײַנקלאַפּן קלינעס (אומעטום וואו נייטיק).
א, די שפּאַלטן אין פֿאַס.
אויספֿאַרקלע ען
— אוטוו, דריטפּערזאָניק
— שטאַרק פֿאַרקלעמט ווערן. „ס'פֿאַרק לעמט
מיר אויס דאָס האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך
אָן אים“. טרוו, אַלע פּערזאָנען פֿאַרשאַפֿן

קלעמעניש, האַרצווייטיק. א, עמעצן מיט אַ
טרויעריקער ידיעה.
אויספֿאַרקלענערונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאַרקלענערן. א,
אויף אַ דריטל.
אויספֿאַרקלענערן — טרוו. ־ער אויס,

~פֿאַרקלענערט. שטאַרק (אינגאַנצן) קליין (קלענער) מאַכן. א, די צאָלן אויף טויזנטער.
אויספֿאַרקלעפּן — טרוו. ־קלעפּ אויס,
~פֿארקלעפּט פֿאַרקלעפּן אַלץ וואָס איז
ניי— .
טיק; פֿאַרניצן קלעפּ־מאַטעריאַל. א אַלע
מאַר,
קעס אויף די קאָנווערטן. א, די שפּאַלטן.
אויספֿאַרקלעקן — טרוו. ־קלעק אויס,
~פֿארקלעקט פֿאַרשמירן (מיט טינט, פֿאַרבֿ)
— .
אַ צאָל (אַלע) זאַכן. א, די גאַנצע היימאַרבעט, אַלע זײַטלעך פֿון העפֿט.

אויססאַרקנעטן — טרוו. ־קנעט אויס,
~פֿאַרקנאָטן. ענדיקן פֿאַרקנעטן פֿאַרקנעטן
,
אַלץ וואָס איז נייטיק. א אַ זעקל מעל. א,
,
די דייזשעס מיט טייג.

אויססאַרקעמען — טרוו. ־קעם אויס, ~
פֿאַרקעמט. דזוו אויספֿאַרקאַמען ←.
אויספֿאַרקערעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~פֿארקערעוועט. אויך מיט ז י ך. דזוו
אויספֿאַרקירעווען ←.

אויססאַרקערפּערט — אַדי. אינגאַנצן
פֿאַרקערפּערט, בולט אויסגעשטאַלטיקט; וואָס
האָט מאַטעריעלן לבֿוש. אַן א'ע אידייע.
אויספֿאַרקריגן זיך — אוטוו. ־קריג זיך
אויס, זיך ~פֿאַרקריגט. צעקריגן זיך מיט אַ
צאָל (אַלע) פֿון א גרופּע. א, זיך מיט דער
משפּחה, מיט שכנים.
אויססאַרקרימען — טרוו. ־קרים אויס,
~פֿאַרקרימט. שטאַרק (אינגאַנצן) קרום אָדער
קרומער (קרימער) מאַכן. א, די אָפּצאַסן. „וואָס
פֿאַרקרימסטו אויס דאָס פּנים, ווען איך רעד
צו דיר?“, רייד.
אויספֿאַרקרענקען — טרוו. ־קרענק אויס,
~פֿאַרקרענקט. 1. אויסגעבֿן אַלץ מחמת
קראַנקייט(ן). א, דעם גאַנצן פֿאַרמעגן בײַזן
לעצטן גראָשן. 2. דזוו אויסקרענקען, נאָר
עמפֿאַטישער. „פֿאַרקרענקט אויס אַזאַ נחת!„

אויספֿאַרראָסט — אַדי. וואָס איז אינגאַנצן
דורכגעראָסט. א'ע בלעכן.

318

אויססאַרראָצט — אַדי. פּד. וואָס איז
אינגאַנצן פֿאַרשמירט מיט ראָצעכץ, שמאָרגלעכץ.
א'ע פּנימלעך, קאַפּאָטע.
אויספֿאַרראָ'שטשינען — טרוו. איצ, אימפּ
נבֿ. ~פֿאַרראָשטשינעט. פֿאַרמישן מיט
זויערטייג אָדער הייוון אַז טייג זאָל אויפֿגיין. א,
ס'געבעק ברויט.

אויססאַררוסן — אַדי. ~פֿאַררופֿענער. פֿטמ.
וואָס האָט אַ שלעכטן שם, נאָמען. דזוו

פֿאַררו□ן, נאָר עמפֿאַטישער. אַן א'ער שווינדלער.

אויססאַררוקן □. טרוו. ־רוק אויס, ~
פֿאַררוקט. 1. אַרײַנשטופּן ערגעץ, עס זאָל זײַן
שווער צו געפֿינען. א, נייטיקע דאָקומענטן.

2. □:וט פֿאַר□ □. אַ צאָל זאַכו. א, די טשאָלנטן.

אויססאַרריג — טרוו. ־ריגל אויס, ~
פֿאַרריגלט. פֿעסט פֿאַרמאַכן מיט אַ ריגל אַ צאָל
(טירן פֿאָרטקעס). א, די טירן אויף בײַנאַכט.

— ,

אויססאַרריגעווען — טרוו. ־געווע אויס,

□אָרריגעוועט. דזוו אויספֿאַסטריגעווען ←.
~פֿ

אויססאַרריכטן — טרוו. ־ריכט אויס, ~
פֿאַרריכט. 1. ווידער מאַכן גוט וואָס איז קאַליע
(אַ צאָל זאָכן). „מײַן בענקשאָפֿט האָט שוין
אויספֿאַרריכט דאָרט אַלע וועגן“, רחל קאָרן.
*א, די מערכה = ווידער אײַנשטעלן גוטע
באַציאונגען. א, די מערכה צווישן מאַן און
ווײַב, צווישן פֿרײַנד. 2. אויסלאַטען
פֿאַר,
צירעווען, צורעכט מאַכן. „...אַן אײַנגעפֿאַלעגע
טאַבורעטקע וואָס ער האָט אויספֿאַרריכט„,
דעמבלין, ערבֿ נאַכט. „מײַנע שטיוול האָט מען

אָפּגעגעבן צום דאָרפֿישן שוסטער, ער זאָל
זיי גוט א'", קאַצאָוויטש. 3. מאַכן עמעצער
זאָל אויסזען, זיך פֿילן בעסער (נאָך אַ
קראַנקייט). א, אַ חולה. 4. קאָרעגירן,
אויסבעסערן. א אַ מאַנוסקריפּט צום דרוק.

,

-

אויססאַרריכטן זיך — → דפֿוו.
דורכגיין דעם פּראָצעס פֿון געזונט ווערן, בעסער
אוי זען. זיך א, אין געזונט.
אויססאַרריכטער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־ס.
ווער עס פֿאַרריכט אויס. „ניט קיין
רעדאַקטאָר בין איך, נאָר אַ פּשוטער א, פֿון גרײַזן".

אויססאַררעכטן — טרוו. ־רעכט אויס,
ררעכט. דזוו אויספֿאַרריכטן →.
~פֿ
אויססאָרש — דער, ־ן. אַקט פֿון אויספֿאָרשן.
שטודיע. „סאָציאָלאָגיע פֿאַרנעמט זיך מיט דעם

א, פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַראייניקונגען“,
אבֿא גאָרדין.

-

אויססאַרשאַטן — ־שאַט אויס, ~פֿאַרשאַט.
אוטוו, דריטפּערזאָניק — שטאַרק פֿאַרשאַטן.
„די מאכלים האָבֿן איר אויספֿאַרשאַט“. טרוו —
קאַליע מאַכן. „איך וועל דיר ח᠎.לה עפּעס א,?,,,
רייד.
אויספֿאַרשאַכערן — טרוו. ־כער אויס,
~פֿאַרשאַכערט. אויספֿאַרקויפֿן אויף ניט קיין
ערלעכן אופֿן. א, דעם בראַק.
אויספֿאַרשאָלטן — אַדי. ~פֿאַרשאָלטענער.
דזוו פֿאַרשאָלטן, נאָר עמפּאַטישער. א'ער רוצח.
אויספֿאַרשאַפֿן זיך — אוטוו. ־שאַף זיך
אויס, זיך ~פֿאַרשאַפֿט. אין אַ גרויסער מאָס
זיך באַנוצן מיט עמעצן (צו ווערן באַדינט, צו
קריגן פֿאַר זיך עפּעס). זיך א, מיטן משרת.
אויספֿאַרשאַרן — טרוו. ־שאַר אויס, ~
פֿאַרשאַרט. אינגאַנצן פֿאַררוקן, פֿאַרשטופּן
פֿאַר,
קערן. א, ס'מיסט אונטער די בעטן.

-

אויספּאָרשטן

אויספּאַרשאַרפֿן — טרוו. ־שאַרף אויס, ~פֿאַרשאַרפֿט. מאַכן שאַרף, שאַרפֿער, אַ צאָ. זאַכן. א, די העק. א, די באַציאונגען.

אויססאַרשוואונדן — אַדי. דזוו פֿאַרשוואונדן, נאָר עמפֿאַטישער. א, פֿון אונטער די הענט.

אויספֿאַרשוואַרצט — אַדי. 1. שטאַרק פֿאַרחושכט, באַטריבט. 2. זייער באַליידיקט; וואָס האָט אומגערעכט באַקומען אַ שלעכטן שם. 3. וואָס איז דורכגעפֿאַלן ביים קלייַבן (מיט גאַלקעס). א'ער גבאי.

אויספֿאַרשווינדלט —, אַדי. אינגאַנצן פֿאַרשווינדלט; וואָס האָט דורך אומגעראָטענע, ספּעקולאַטיווע געשעפֿטן אַלץ פֿאַרלאָרן. אַן א'ער מנחם־מענדל.

אויססאַרשוועגדן טרוו. ־שווענד אויס, ~פֿאַרשווענדט. גרינג, לייַכטזיניק ביזן סוף, אַוועקפּטרן פֿאַרמעגן. א אַ הלוואה, ירושה.

,

אויססאַרשווערן — טרוו. ־שווער אויס, ~פֿאַרשווערט. מאַכן שווער(ער) פֿאַר אַ צאָל מענטשן. א, פֿאַר (אויף) אונדז דעם יאָך (עול).

אויססאָרשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿאָרשן; חקירה ווישה. מאַכן אַן א'. „איצט הייסט עס האָט ער־ שוין נישט געהאַט צו טון מיט אַן א', נאָר מיט מי— ועזשניקעס“, יק.

א

אויססאַרשטאָכן — אַדי פּטמ. דזוו פֿאַר.

כן, נאָר עמפֿאַטישער. א'ע אויגן.

שט

אויספֿאַרשטאַרקן — טרוו. ־שטאַרק אויס, ~פֿאַרשטאַרקט. מאַכן גאַנץ שטאַרק אַ צאָל זאַכן. א, די פֿעסטונגען בײַ דער גרענעץ. א,

די עלעקטרישע שטראָמען.

אויססאַרשטויבן — טרוו. ־שטויב אייס, ~פֿאַרשטויבט. באַדעקן מיט אַ סך שטויב. א, די בגדים, דעם גאַנצן טעפּעך.

אויססאַרשטויסן — אַדי. וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעשטופּט, אויסגעשלאָסן פֿון דער גרופּע. אַן א'ענער פֿרײַנד.

אויססאַרשטונקען — אַדי. דורכגעדרונגען מיט אַ שלעכטן ריח. א'ע הײַזקעס.

-

אויססאַרשטופּן — טרוו. ־שטופּ אויס, ~פֿאַרשטופּט. מיט כּוח פֿאַררוקן אין אַ זײַט. א, די קינדער אין באַזונדערע ווינקעלעך.

אויס□אַרשטיין זיך — אוטוו. ־שטיי זיך אויס, זיך ~פֿאַרשטאַנען. באמת פֿאַרשטיין עמעצן, עפּעס. איך קען זיך אויף אים ניט א..

אויססאַרשטינקען — טרוו. ־שטינק אויס,
~פֿאַרשטונקען. פֿאַרשפּרייטן שלעכטן ריח.
א, די צימערן מיטן רויך פֿון פּיפּקעס.

אויססאַרשטיקן — טרוו. ־שטיק אויס,
~ פֿאַרשטיקט. 1. דזוו אויסדערשטיקן ←.
2. איבּערשרײַען, איבּערהילכן. „מיט
טרומייטערס און מיט פּויקן האָט ער באַפֿוילן
אויסצופֿאַרשטיקן די אויסרופֿן פֿון פּראָטעסט“.
אויספֿאָרשטן — טרוו. פֿאָרשט אויס, ~
געפֿאָרשט. [אין אַלטער און עלטערער
ליטעראַטור, אין דער גרעסטער צאָל אוקר און אין
אַ צאָל פּר] דזוו אויספֿאָרשן←. „דא געבּיט דער
מלך זייני קנעכט זיא זאַלן אויש שפּירן אונ
זאַלן אויז פֿארשטן ווער דאז גיטאן האָט“,
לט1, 2/34. „וויל דיך איינר אויש פֿארשטן
וואַש האשט פֿון דיין חבֿר טאָן הערן...“, עיון,

-

אויספֿאַרשטעכן

2/31. „מיר זאָל, מיר דאָ זען בּיידע...א',
אויבּ ער האָט איר קעסטל צירונג גענומען“,

עט, סערקעלע.

אויססאַרשטעכן — טרוו. ־שטעך אויס, ~פֿאַרשטאָכן. דזוו פֿאַרשטעכן, נאָר עמפֿאַטישער. זיך א, אַלע פֿינגער.
אויספֿאַרשטעלן — טרוו. ־שטעל אויס, ~פֿאַרשטעלט. 1. שטערן דורכגיין אין אַ צאָל פֿאַלן. א, אַלע וועגן. 2. פֿאַרדעקן. צוגעבן אַן אַנדער געשטאַלט, פֿאָרעם (מע זאָל ניט דערקענען, זיך ניט דערוויסן). א, פֿרויען אין מענערשע קליידער. א, רייד מיט אָנצוהערענישן.
אויספֿאַרשטעלן זיך — ← דפֿוו. קינדערלשון. זיך פֿאַרמאַסקירן, זיך איבערטאָן אין אויסטערלישע מלבושים. שפּילן אַ ראָלע. „קינדער, לאָמיר זיך א, און גיין איבער די הײַזער ווי פּורים־שפּילערס“.

אויססאַרשטערט — אַדי. דזוו פֿאַרשטערט, נאָר עמפֿאַטישער. אַן א'ער שבת.

-

אויססאַרשטערן — טרוו. ־שטער אויס,
~פֿאַרשטערט. דזוו פֿאַרשטערן, נאָר
עמפֿאַטישער.

אויססאַרשטשאָבען — טרוו. ־בע אויס,
~פֿאַרשטשאָבעט. ווי ניט איז (גיך, שלעכט
פֿאַרנייען פֿאַרלאַטען אַ צאָל זאַכן. א, העמדער,
— ,
סקאַרפּעטקעס.
אויספֿאַרשיטן — טרוו. ־שיט אויס, ~
פֿאַרשאָטן (פּד ~פֿאַרשיט). דזוו פֿאַרשיטן, נאָר
עמפֿאַטישער. „נעם מיט ביידע הענט, אַניט
וועסטו נאָך א, דאָס מעל“, רייד.
אויספֿאַרשיינען — טרוו. ־שײַן אויס, ~

פֿאַרשײַנט. אַרײַנברענגען שײַן, ליכטיקייט (אין
אַ גרעסערער מאָס ווי פֿריִער אָדער ווי
אַנדערע). „די כלה האָט אויספֿאַרשײַנט אַלע אירע
חבֿרטאָרינס“. „דער עילוי האָט אויספֿאַרשײַנט
די גאַנצע משפּחה“.
אויספֿאַרשיכּורן — [...שיקערן] טרוו. ־שיכּור
אויס, ~פֿאַרשיכּורט. אינגאַנצן פֿאַרשיכּורן.

א, מיט דעמאַגאָגישע צוזאָגן. „די ידיעה אַז די
מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט
אויספֿאַרשיכּורט דעם עולם“.
אויספֿאַרשילטן — טרוו. ־שילט אויס,
~פֿאַרשאָלטן. לר. דזוו אויספֿאַרשעלטן ←.
אויספֿאַרשימלט — אַדי. דורך און דורך
פֿאַרשימלט. א, בּרויט; א'ע געדאַנקען.
אויספֿאַרשיקן — טרוו. ־שיק אויס,.,
פֿאַרשיקט. 1. שיקן אין פֿאַרשיידענע ערטער. א,
די קינדער צווישן די שכנים צו לײַען
פֿאַרשיידענע זאַכן. 2. פֿאַרשיקן (לויט דעם בּאַפֿעל
פֿון דער מאַכט) אַ צאָל (אַרעסטירטע).
אויספֿאַרשלומפּערן — טרוו. ־פּער אויס,
~פֿאַרשלומפּערט. מאַכן עס זאָל זײַן אַ
שלומפּער; אויסבּרודיקן. אויספֿאַרשמוצן. א אַלע
,
קליידלעך.
אויספֿאַרשליידערן — טרוו. ־דער אויס,
--
~פֿאַרשלײַדערט. (מיט כּוח) אַוועקוואַרפֿן,
פֿאַרוואַרפֿן אין אַ צאָל ערטער. „דער גורל
האָט אויספֿאַרשלײַדערט מײַנע קינדער אין אַלע
עקן וועלט“, רייד.
אויספֿאַרשלייערן — טרוו. ־ער אויס

~פֿאַרשלייערט פֿאַרדעקן מיט שלייערס אַ
—
צאָל, דה חתונה מאַכן אַ צאָל מיידלעך. א, די
טעכטער.

319

אויספֿאַרשלינגען — טרוו. ־לינג אויס,
~פֿאַרשלונגען. דזוו פֿאַרשלינגען, נאָר
עמפֿאַטישער. „וויי־וויי, וויפֿל פֿישעלעך דער לויתן
האָט שוין אויספֿאַרשלונגען!„
אויספֿאַרשלעפּן — טרוו. ־שלעפּ אויס,
~פֿאַרשלעפּט. 1. אַוועקשלעפּן אין
פֿאַרשיידענע ערטער אָדער אַ צאָל. א, די עמיגראַנטן.
2. פֿאַרציִען אויף אַ לאַנגער צײַט. א אַ לאָ
,
דעניש אויף עטלעכע יאָר.

אויססאַרשמאָדערן — טרוו. ־ער אויס,
~פֿאַרשמאָדערט. אויספֿאַרקויטיקן,
אויספֿאַרשלומפּערן. א, די בגדים.

-

אויססאַרשמאַכטן — טרוו. ־שמאַכט אויס,
~פֿאַרשמאַכט. מאַכן גאַנץ שוואַך אַ צאָל
(באַשעפֿענישן). ניט געבן צו עסן, צווינגען
אַרבעטן און א, די געפֿאַנגענע.
אויססאַרשמאָלצן, ~שמאָלצעוועט —
אַדי. אויספֿאַרשמירט פֿאַרפֿעטסט, או
סגע,
ברודיקט. א'ע קאַפּאָטע, יופּע.
אויספֿאַרשמוצן — טרוו. ־שמוץ אויס, ~
פֿאַרשמוצט. שטאַרק שמוציק מאַכן (אַ צאָל). א,
די קליידער, די רעפּוטאַציע.

אויססאַרשמירן — טרוו. ־שמיר אויס,
~פֿאַרשמירט. דזוו פֿאַרשמירן, נאָר
עמפֿאַטישער. „וואו האָסטו זיך אַזוי אויספֿאַרשמירט?“.
אויספֿאַרשמעל(ער)ן — טרוו. ־שמעל(ער)
אויס, ~פֿאַרשמעל(ער)ט. מאַכן איבעריק
שמאָל (און דורך דעם קאַליע מאַכן). א,
קליידלעך, פֿענצטער.
אויספֿאַרשמעקן זיך — אוטוו,
דריטפּערזאָניק. איצ נב. זיך ~פֿאַרשמעקט. שטאַרק
געפֿעלן ווערן, האָבן הנאה פֿון עפּעס (און ניט
וועלן קיין אַנדער זאַך). “דאָס גרינגע לעבן
האָט זיך דיר אויספֿאַרשמעקט„.

אויססאָרשן — טרוו. פֿאָרש אויס, ~
געפֿאָרשט. פּ— פֿאָרשטן. 1. סתּם
אויס פּ: ~
פֿרעגן כּדי עפּעס צו דערגיין. ,,ווי שיין איך
האָב מיר דאָ בײַ איס אויסגעפֿאָרשט וואו די
רפֿואה איז צו קריגן,,, עט, סערקעלע. 2. חוקר
ודורש זײַן, אויספֿרעגן בײַ אַ פֿאַרהער, משפּט.
,,און אַך זאַל ער אים וואול אויז פֿאָרשן, אוב
אַך וואַש רמאות פֿארהאנדן ווער“, לט1, 2/46.
3. אויסשטודירן; דערגיין אייגנשאַפֿטן פֿון
עפּעס. ,,מיט דער צײַט וועט קומען דער
געלערנטער מאַן, וואָס אים וועט באַשערט זײַן
זי גוט אויסצופֿאָרשן“, ממוס, שלמה. ,,דער
וואָס וויל א, שטראָמען וועט ניט גיין אין
אויסגעטריקנטע וויסטעניש,,, יהואָש, 'אַלי
האַסאַן'. ,,די וואָלאָזשינער עפּאָכע פֿון ביאַליקס
יוגנטצײַט איז נאָך ווייניק אויסגעפֿאָרשט
געוואָרן,,, בעל־מחשבֿות 4 .I. דורכאַנאַליזירן,
פֿאַרטיפֿן זיך אבסטראקט אין עפּעס. ,,מען קען
ניט געפֿינען קיין מופֿת־חותם אויף זעלכע
זאַכן וואָס ווערן נאָר אויסגעפֿאָרשט מיט דעם
שׂכל“, חה, 46. ,,איך האָב געקוקט, געקוקט

אין זיך גאָר לאַנג, און אויסגעפּאָרשט מײַן לוסט און מײַן פֿאַרלאַנג“, אַר, 'איך האָבֿ געוואָלט,.

אויספֿאַרשניטן.— אַדי. דזוו פֿאַרשניטן, נאָר עמפֿאטישער. אַן א, פֿאָלק.

אויספֿאַרשנייט — אדי. אינגאַנצן פֿאַרדעקט מיט שניי. „די גאַנצע וועלט איז אויספֿאַרשנייט□“.

□

אויספּאַרשרײַען

אויספֿאַרשעלטן — טרוו. ־שעלט אויס, ~פֿאַרשאָלטן. אַרויסבֿרענגען אַ סך בייזע קל□ת. א, די שׂונאים, זייער געבֿיין אאַזוו.

אויססאַרשעמען — טרוו. ־שעם אויס, ~פֿאַרשעמט. שטאַרק פֿאַרשעמען. א, אים פֿאַר לײַטן אין די אויגן.

□

אויססאַרשענערן — ־ער אויס, ~ פֿאַרשענערט. אין אַ גרויסער מאָס שיין (שענער) מאַכן אַ צאָל זאַכן. א, הײַזער, מענטשן.

אויססאַרשענקען — טרוו. ־שענק אויס,

~פֿאַרשאָנקען. אַוועקגעבן אַ צאָל זאַכן ווי
מתּנות; ענדגילטיק, בּרייטהאַרציק
פֿונאַנדערטיילן אין מתּנות. א, אַ הע□פֿט פֿון
פֿאַרדינ□ן.
אויססאָרשער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿאָרשט אויס. 2. דער (די) וואָס
אויספֿאָרשן איז זײַן (איר) פּראָפֿעסיע.
געריכט־א'. ,,איך ווייס נאָר פֿון דער ערשטער
אויספֿאָרשונג, וואָס די גויים האָבן אָפּגעגעבן
דעם ג'־א',,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 3.
ספּעציעלער גנבֿ פֿון אַ באַנדע. וואָס זײַן פֿונקציע
איז אויסקוקן דאָס אָרט פֿאָר דער גניבֿה און די
מעגלעכקייטן זי דורכצופֿירן.

□

אויססאָרשעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויספֿאָרשער.
אויססאָרשערישקייט — די (דאָס), □.
-
אייגנשאַפֿט פֿון אויספֿאָרשער פֿעיקייט
אויס־
.
צופֿאָרשן. אַ דורכדרינגלעכע א'.
אויספֿארשפּיליען

— טר□עגען.

צושפּי— . ־ליע אויס,

~פֿאַרשפּיליעט. לד: ~שפּי
ליען אַ צאָל (אַלע) קנעפּ אָדער מלבושים. א,
דאָס מאַנטעלע אויף אַלע קנעפּלעך. א, די
מאַנטלען.

אויססאַרשפּיצן — טרוו. ־ ןפּיץ אויס,
~פֿאַרשפּיצט. 1. מאַכן שפּיצן, שפּיציק(ער),
ביזן סוף (וויפֿל עס איז נייטיק). א, די שטיפֿטן.
2. מאַכן שאַרפֿער, שנײַדיקער. א, סתּירות,
חילוקי־דעות.
אויספֿאַרשפּרייטן — טרוו. ־שפּרייט אויס,
~פֿאַרשפּרייט. שטאַרק, אומעטום פֿאַרשפּרייטן.
א, א ידיעה פֿלוגבלעטלעך אאַ.
— ,
אויספֿאַרשקלאַפֿן — טרוו. ־שקלאַף אויס,
~פֿאַרשקלאַפֿט. שטאַרק, (אָלעמען) פֿאַרשקלאַפֿן.
אויססאָרשקען — ־קע אויס, ~
געפֿאָרשקעט. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסברענגען
קלאַנגען פֿון (ווי) אַ פֿערד, ענלעכע צו
פֿרשפֿרש. טרוו — דורך קלאַנגען, ענלעכע צו
פֿרש־פֿרש, עפּעס אויסדריקן.
אויספֿאָרשקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
פֿאָרשקען און אויפֿהערן.

□ □

אויססאַרשרויסן — טרוו. ־שרויף אויס,

~פֿאַרשרויפֿט. (אומעטום) צושרויפֿן ביזן סוף; אַרײַנדרייען שרויפֿן אין אַ צאָל ערטער. „ניט צוקלאַפּן מיט נעגל, נאָר א, דאַרף מען דעם צודעק פֿון קאַסטן".

אויספֿאַרשרייבן — טרוו. ־שרײַב אויס,

-□

~פֿאַרשריבן. 1. גרינטלעך, מיט אַלע פּרטים פֿאַרשרײַבן. א, אויך די קלענסטע הוצאות. 2. דזוו אויסשרײַבן, פֿאַרשרײַבן. פֿטמ. „אין אַ בריוו לאָזט זיך ניט אַלץ א'".

□

אויססאַרשרייען — טרוו. איצ, אימפּ □ ב.

-□

~פֿאַרשריִען, ~פֿאַרשריגן. אינגאַנצן פֿאַרשרײַען פֿאַרטומלען. א, דעם רעדנער.

,

אויספֿאַרתכלעווען

אויספֿאַרתּכלעווען — [...טאַ'כלעווען] טרוו.
־תּכלעווע אויס, ~פֿאַרתּכלעוועט. 1. דזוו
אויספֿאַרשווענדן ←. 2. אַוועקפּטרן (כּוחות,
געזונט, צײַט פֿעאיקייטן) אויף אומניצלעכע
,
זאַכן. א, ענערגיע אָן רעזולטאַטן.
אויססוגעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געפֿוגעוועט. (סטאָליערײַ) אויסשנײַדן, אויסזעגן,
אויסדלאָטעווען רינע(ס) אין אַ קלאָץ (בּרעט)
אַרײַנצושטעלן אַ קלין, בּרעטל אע.

▯

אויססוטערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויספֿוטערן. מאַטעריאַל אויסצופֿוטערן. טײַערע א'.
אויססוטערן — מרוו. ־ער אויס, ~געפֿוטערט.
אַרײַנ▯.יען פֿוטער אין אַ בּגד; אונטערשלאָגן,
אויסשלאָגן (מיט) פֿוטער. „איינר דער דיא
פֿוטר אויז פֿוטרט דער איז חייבֿ...“, לט1, 1/75.
אויססוטרעווען —־ טרוו. ־רעווע אויס,
~געפֿוטרעוועט. דזוו אויספֿוטערן ←.
אויספֿוילן — ־פֿויל אויס, ~געפֿוילט. אוטוו
— ווערן צעפֿוילט; קאַליע ווערן דורך פֿוילן.
„די גרינסן פֿוילן אויס, מע וועט זיי מוזן

אַרויסוואַרפֿן". טרוו — מאַכן עס זאָל פֿוילן.
,,צונויפֿגעמישט פֿלוימען גוטע מיט צעפֿוילטע
און אויסגעפֿוילט אַלע פֿלוימען". *ער פֿוילט
מיר אויס די גאַל = פֿאַרשאַפֿט מיר אַ סך
ערגערנישן, דערגייט די יאָרן. אויך: *א, זיך די
גאַל. ,,וויפֿל פֿוילט ער זיך אויס די גאַל וואָס
ער קען ניט דערגרייכן יענעמס כּבֿוד", ייִפֿאָל,
23 1887, No. ,,...אויסצאַפּן דאָס לעצטע ביסל
כּוח, א, אינגאָנצן זייער האַלבֿ־אויסגעפֿוילטע
האַרץ", אלצ, תּוכחת חיים.
אויספֿוילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ
ביסל זיך פֿוילן עפּעס צו טאָן. ,,די טעכטער
פֿוילן זיד אַמאָל אויס אויפֿצורוימען די
שטובן". 2. אויפֿהערן זיך פֿוילן. זיך א,
און סוף־כּל־סוף זיך נעמען צו דער אַרבעט.
אויספֿוילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿוילן.
אויספֿוילענצן — ־ענץ אויס, ~געפֿוילענצט.
אַקוזוו — פּטרן צײַט אין גאָרנישט טאָן, זײַן
זייער פֿויל. א, טעג און יאָרן. טרוו — עפּעס
דערגרייכן דורך זײַן פֿויל. ,,און וואָס האָט
ער אויסגעפֿוילענצט? אַ טאָרבע!",, רייד.
אויספֿולן — טרוו. פֿול אויס, ~געפֿולס. לד.
← אויספֿילן. מאַכן פֿול. א, די טשעמאָדאַנעס,

קאַסטנס, אע.

אויספֿולן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. לד. 1. ווערן דיק פֿעט. זיך א, פֿון (בײַ) גוטע קעסט.

,

2. זײַן אין די העכערע חדשים פֿון שוואַנגערשאַפֿט.

▯

אויססונדעווען —, טרוו. ־דעווע אויס, ~ געפֿונדעוועט. 1. צאָלן פֿאַר אַ צווייטן כּדי מכבד צו זײַן. א, אַ בילעט אין טעאַטער, אַ פֿלאַש ביר. 2. אַוועקשטעלן אויף אַ פֿעסטן יסוד. א אַ גוט געשעפֿט.

,

אויססוצ(י)עווען — טרוו. פֿוצ(י)עווע אויס, ~געפֿוצ(י)עוועט. אַרויסקריגן מער (דורך פֿאַלשער וואָג אָדער מאָס); איבערעכענען אויפֿן פּרײַז. א אַ פּאָר גראָשן און פֿאַרלירן

,

אַ קונד.

אויספֿורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿורעמען. א, פֿון אַ נײַער ייִדישער פּערזענלעכקייט.

320

אויססורעמען — טרוו. פֿורעם אויס, ~ געפֿורעמט. 1. שאַפֿן עפּעס מיט דער הילף פֿון אַ פֿורעם. א אַ נײַעם מין דריידלעך, גראַגערס.

,

2. פֿאַרענדיקן פֿורעמען, געשטאַלטיקן. א, אַ סטיל, נוסח. 3. שאַפֿן אָרדענונג, סיסטעם. א, אַ פּלאַן, אַן אידעאָלאָגיע. 4. אָרגאַניזירן, אויפֿשטעלן. א אַ נײַע געזעלשאַפֿטלעכע

אָר,
דענונג. 5. אַנטוויקלען, אויסבילדן. א, אַ
פּערזענלעכקייט, באַראַקטער.
▯
אויססורעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קריגן
אַ פֿורעם (געשטאַלט, סיסטעם, כאַראַקטער).
אויסגעשטאַלטיקן זיך. „...טיפֿע פֿאַרשטאַנדן
און חקירה אלקית, נאָר דאָס אַלץ האָט זיך
או ▯ געפֿורעמט אין אַ קורצן אָפּזאַץ“, לדב.
ים
אויססורעמער — דער, ־ס. וונ נבֿ. דער וואָס
פֿורעמט אויס. „די ייִדישע שפּראַך האָט
געשאַפֿן...דער זינגער פֿון פֿאָלקסליד, דער א,
פֿון אַ שפּריכוואָרט...“, ימ, קולטור און
דערציאונג, 1943.
אויספֿוש(ער)ן — טרוו. ־(ער) אויס, ~
געפֿוש(ער)ט. אָפּטאָן אַן אַרבעט ווי אַ פֿושער,
פֿאַרטאַטש. א, אַ מאַנטל אַז מע זאָל אים ניט
קע▯ן אָנטאָן. א, פֿון אָנהייב ביזן סוף.
אויססיאָצקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געפֿי▯קעט. דזוו אויספֿיאָקעווען ←.
אויססיאָקעווען — טרוו. ־קעווע אויס,
~געפֿיאָקעוועט. געוויינטלעך מיט ז י ך.

שטאַרק, שרײַאיק אויספּוצן; אויססטראָנצלען.
א, ווי אַ כלה־מיידל, ווי אַ חתן־בּחור. „ער
האָט זיך אויסגעפּיאָקעוועט אין שענסטן
אָנצוג און אַוועק מיטן ווײַב בּאַשײַנען דאָס
פּאָרפֿאָלק“, שטריגלער, אינזלען אויף דער
ערד.
אויספֿיבּערן — ־ער אויס, ~געפֿיבּערט.
אוטוו — אָנהייבּן אָדער אויפֿהערן פֿיבּערן. „דער
קאָשמאַר האָט אדיסגעבּרענט, אויסגעבּליצט און
אויסגעפֿיבּערט„, חג, די ישיבֿה. טרוו —
אַרויסבּרענגען עפּעס פֿיבּערנדיק, דורך פֿיבּער.
“זיי פֿיבּערן אויס אויף מײַן אויסגעשטרעקטן,
פֿונאַנדערגעשפּרייטן גוף זייערע הייסע
גלוסטונגען“, הל, טאָג, 6 ◻ 1957 .II

-

אויססיגורירן — טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־
פֿיגורירט. 1. (שנײַדערײַ) אונטערנייען
בּרוסקישעלעד. א, אַ מאַנטל. 2. פֿאַרריכטן דעם
מאַנעקען, בּולוואַן. 3. אויסרעכענען [וו אַן
י
אומגעראָטענער פּרווו צו פֿאַרבּײַטן אַמ „פֿי'־
גיורן“].
אויספֿיגלעווען — טרוו. ־לעווע אויס, ~

געפֿיגלעוועט. < פֿיגלע = קונצשטיק,
בלענדעניש. אוקר. 1. דורכפֿירן אַ קונצשטיק,
שמדשטיק, פֿאַרבלענדעניש. א, עפּעס גיך מיט
די הענט. א, סטענגעס פֿון האַלדז. 2.
אויספּוצן ווי אַ פֿאַצעט, אויסצאַצקען. אָפּט מיט
ז י ך. א, זיך ווי אַ הפֿקר־יונג. „זיך א, אין
מײַן אָפּגעבליווקעוועט ציצן כאַלאַטל„, ייִל,
ניט טויט ניט לעבעדיק, ווילנע תּרנ„ח.
אויספֿיגעווען — טרוו. ־געווע אויס, ~
געפֿיגעוועט. (סטאָליעריי) אויסהובלען לאַנגע,
דינע גראָבנס אין ברעטער (כּדי אַרײַנצושטעלן
אין זיי אַנדערע ברעטער וואָס האָבן לאַנגע,
דינע אַרויסשטאַרצונגען). בכלל אויסהובלען
באַצירונגען. א, די ברעטער נאָר פֿון איין
זײַט.

אויספֿײַנעריש

אויספֿידלען
— ־דל אויס, ~געפֿידלט. אוטוו
▯ שלעכט ענדיקן, קומען צו אַ שווערן מצבֿ.
„ווער ווייסט צי זי און מערע אַליין האָבן
אַצונד צו עסן? שיין אויסגעפֿידלט, פֿאַנדרע!“,
זש, נח פּאַנדרע. טרוו — אויס ▯ טפילן אַ ניגון

אוי□־ — לעני□ — דאָס (די), ־ו. דאָס (ש□נץ.

עכא פֿידל אָפּט איר). א, דעם כּשר־ט

אוים□יר

טע, אומגעראָטענע) שפּילן אויף אַ פֿידל. „ניט קיין פֿידל־קאָנצערט, נאָר סתּם אַ צעצויגן א',„□.

אויססיטערונג —די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿיטערן.

□

אויססיטערן — טרוו. ־ער אויס, ~געפֿיטערט. 1. געבֿן עסן צו זאַט (געווײנטלעך וועגן בהמות). 2. געבֿן עסן מער ווי נייטיק, כּדי צו מאַכן פֿעט. א, גענדז אויף פּסח, אַ קעלבֿל פֿאַר דער שחיטה.

אויספֿייטן — טרוו. פֿײַט אויס, ~געפֿײַט.

-

אַמ. 1. באַשטימען אויסגאַנג פֿון קריגערײַ, שטרײַט, דורך שלאָגן זיך מיט פֿויסטן. 2. אויסקעמפֿן.

□

אויססייכטן — טרוו. פֿײַכט אויס, ~געפֿײַכט.

-

1. (גאַרבעריַי) האַלטן פֿײַכט אַ לענגערע צײַט. א, די פֿעלן. 2. מאַכן אינגאַנצן פֿײַכט.
אויספֿיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רע־.
זולטאַט פֿון אויספֿײַלן.
אויספֿיילן
— טרוו. פֿײַל אויס, ~געפֿײַלט.
-.
פֿאַרטיק מאַכן דורך פֿײַלן. מאַכן אַ לאָך מיט א פֿײַל. א, שטיקער מעטאָל, א אַן עפֿענונג.
,

-
-
אויססײַנען — טרוו. פֿײַן אויס, ~געפֿײַנט.
מאַכן פֿײַן, גוט, איידל. „נאָר אַ שולע קען א, דעם מענטש און שלײַפֿן זײַן שׂכל„, העני העלפֿמאַן, קמ, 27 l864, No.
אויספֿײַנען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זײַן פֿײַן מיט עפּעס, זיך אויסצייכענען. „דער ערבֿ יום־כּיפּור האָט זיך אויסגעפֿײַנט בײַם זיידן

מיט צוויי זעלטענע צערעמאָניעס,,, שע, פֿונעס
יאַריד 2 .I. ווערן פֿײַן אָדער פֿײַנער.
,,...דערפֿאַר וואָס דער זשאַרגאָן אַליין האָט זיך
אויסגעפֿײַנט און בילדעט זיך אויס צו אַ
דײַטשער מונדאַרט“, ארז, קמ, 2 1868, No.
3. אַרויסשטעלן אייגענע מעלות. זיך א, פֿאַר
מיידלעך מיטן טאַנצן, פֿאַר יונגען מיטן
טיינקען. ,,מענטשן פֿײַנען זיך פֿאַר אים אויס מיט
ווערטער, ריידן שיינע מליצות,,, ממוס,
שטורעמצײַט. 4. באַרימען זיך, זיך האַלטן גרויס,
מאַכן אַן אָנשטעל פֿון בעסער. ,,וועסט ווען
זיך א, פֿאַר לײַט, ווערטו שטאַרבן פֿאַר דער
צײַט“, שוו. ,,איטלעכער דעפּוטאַט באַזונדער
האָט געזוכט זיך אויסצופֿײַנען פֿאַר די
ווײַלער“, ימ, נײַס, 1922.

-

אויססיינער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

-

-

ווער עס פֿײַנט זיך אויס; באַרימער. ,,אַן א,

פֿאַלט דער ערשטער אין בלאָטע אַרײַן“, שוו.
”קינדער האָבן פֿײַנט אַן א'“, רייד.

אויססיינערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿײַנערן (זיך).

אויססיינעריי — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויספֿײַנער. אָנשטעל פֿון פֿײַנקייט.

אויססיינעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַק
טעריסטיש פֿאַר אַן אויספֿײַנער. א'ע רייד. א'ער

סטיל.

אויספּײַנערן

-

אויססײַנערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿײַנערט. 1. מאַכן פֿײַנער, בעסער, איידעלער.
א, אַ בילד, די טעכניק פֿון פֿידלער; א, דעם
כאַראַקטער. 2. אַרומפּוצן בײַם פֿאַרענדיקן
אַן רבעט. א, מיט זאַמדפּאַפּיר.
אויססײַנערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויספֿײַנען זיך ב3. „זי האָט זיך געוואָלט א, און זיך
גרייסן מיט לאָדזש„, ייִט, פּוילן II.

אויססײַערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿײַערן.

□

אויססײַערן — טרוו. פֿײַער אויס, ~
געפֿײַערט. 1. אויסשיסן. דורך שיסן אָדער דורך
פֿײַער סיגנאַליזירן. „און פֿײַערט אויס
בּליציקע צייכנס געהיימע“, הירש גליק. 2.
אויסיום־טובֿן. א, דעם יום־העצמאות מיט אַ פּאַראַד
און מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען.

□

אויססײַף — דער, ־ן. אַקט פֿון אויספֿײַפֿן.
גרילציקער, הילכיקער א'.

□ □

אויססײַסונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויספֿײַפֿן.

□ □

אויססײַסן — פֿײַף אויס, ~געפֿײַפֿט. (אַרכ,

לר: ~געפּיפּן). אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצעם
אַ פּײַף טאָן. דער פּאַסטעך האָט אויסגעפּיפּן
אין מיטן נעילה. טרוו — 1. אויסשפּילן,
אַרויסבּרענגען אַ מעלאָדיע, פּײַפּנדיק מיט די
ליפּן אָדער אויף אַ פּײַפּל. „קיינער האָט ניט
גערעדט. לערנער האָט עפּעס אויסגעפּײַפּט
פֿון בּעטהאָווענען„, ספּ, סודות. „און דעם
גרעסטן ניגון וועט ער אויך א, מיטן מויל„,
שע, פֿון כּתרילעווקע. 2. אויסדריקן
אומצופֿרידנקייט, פּראָטעסט דורך פּײַפּן. אויסלאַכן.
א, אַן אַקטיאָר, אַ רעדנער. „ווי אַזוי מאַכט
מען אַז אַלע ייִדישע סטודענטן און סתּם
בּחורים זאָלן קומען א, דאָס דאָזיקע
שונדשטיק„, יק. [אין אַמעריקע איז פּײַפּן אַ מיטל
אויסצודריקן צופֿרידנקייט].
אויספּײַפּן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. פּײַפּן
און אויפֿהערן, ניט וועלן מער. 2.
אַרויסווײַזן בּיטול, חוזק צו עמעצן אָדער עפּעס. זיך
א, אויף סטראַשונקעס.
אויספּייפּעניש — דאָס (ד), ־ן. געדויער
--
דיקע (שטאַרקע) אויספּײַפּונג. אַן א, וואָס
פֿאַרהילכט די אויערן.
אויספּײַפּער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויספּײַפֿן (זיך).
,,סטודענטן זענען געווען די בײזסטע א'ס, ווען
אַן אויפֿפֿירונג איז זיי [ניט געפֿעלן]“, מוק,
באַגעגענישן I.
אויספּייפֿערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
-
פֿון אויספּײַפֿער. אויספּײַפֿונג, אויספּײַפֿעניש.

-
אויססײַסעריש אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויספּײַפֿער.
אויספֿילאָסאָפֿירן
— טרוו ר ויס, ~
פֿיאָזאָפֿירן.
־י .
לאָסאָפֿירט. אויך: ~פֿי
1. טראַכטן וועגן אַן אַבסטראַקטן ענין און
דערטראַכטן זיך צו עפּעס. א, אַ נײַע טעאָריע
וועגן צײַט. 2. אויסטראַכטן, אויספּשטלען,
אַרויסדרינגען (כּלומרשט) דורך טיפֿע
געדאַנקען. איר.
אויספֿילבאַר — אַדי. דטשמ. וואָס מע קען

דורכפֿירן, מקיים זײַן. א'ער פלאַן.

אויס ילבאַרקייט — די. מצ נבֿ. דטשמ.
אייגנשאַפֿט פֿון לאָזן זיך דורכפֿירן.
דורכפֿירלעכקייט.
אויספֿילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿילן. א, פֿון אַ
באַשטעלונג. א, פֿון זעק. 2. טעכט. דאָס מיט וואָס
עס ווערט אויסגעפֿילט עפּעס. א, פֿון (מיט)
דינע ברעטלעך. א, פֿון (מיט) אַ צעלאָזענעם
מעטאַל.
אויספֿילן 1 — [לאַנגע י אין פּד] טרוו פֿיל אויס,
.
~געפֿילט. דורכפֿילן אַ צאָל שפּירונגען,
געפֿילן, איבערלעבונגען. „ער האָט אויסגעפֿילט
אַלע טעמען וואָס עס הייסט זײַן אַ ייִד„..
אויספֿילן 11 — [קורצע י אין פּד] טרוו. פֿיל
אויס, ~געפֿילט. 1. פֿול מאַכן, אויספֿולן.
אָנפּאַקן. אָנפֿילן. א, די זעק מיט שטרוי. אַז
עס איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ, פֿלעגט מען
אים א, מיט טײַער פּסחדיק גלאָזוואַרג און
פּאָרצעלאַן“, ארז, קמ, 4 1866, No. „]

ייִדישקייט] קאָן...אַלץ אַרומנעמען, א', אַלץ פֿאַרדעקן און דורכנעמען, און ווערן דער שײַן און גלאַנץ פֿון אַלעם", פּרץ, אַ יונגן שרײַבערס

,

חנוכּה'. „ווען וויסן וואָלט אויסגעפֿילט דאָס לעבן, וואָלט [עס] פֿאַר פּרצן געווען לאַנגווײַליק", שנ, יודישע שרײַבער I.

2. אָנשרײַבן אויף פּאַפּיר; אַרײַנשרײַבן אין בלויזן, בלאַנקען. א, אַן אַנקעטע. פֿאַרענדיקן, דערגאַנצן אַ טעקסט. „וואָס ייִדן זײַנען אויסגעשטאַנען פֿון די דאָזיקע הינט, בעת זיי זײַנען געגאַנגען צום פּריץ, קאָן א, אַ פֿײַן בלעטל גלות־געשיכטע", יק. „מיט תּורה, מעשׂים־טובֿים אויסגעפֿילט ווערן„, ממוס, זמירות. „...מכבּד איינע די אַנדערע...מיט א, די לעצטע אותיות אין אַ ספֿר־תּורה„, בערג, בײַם דניעפּער I, 149. א, אַ ו ו ע ק ס ל = 1) אַרײַנשרײַבן די סומע פֿון חובֿ, נאָמען פֿון בעל־חובֿ; 2) אויסטראַכטן אַ בלבול. "זיי האָבן אײַנגעזעצט מײַן מאַן. זיי האָבן אויף אים אויסגעפֿילט אַ וועקסל„, ממוס, טאַקסע. א אַ שורה, אַ זײַטל, אַ שפּאַלט אין צײַ,

טונג = זיי פֿול מאַכן. א, די כּתובה =

ווען דער גאַנצער נוסח איז פֿאַרטיק
אַרײַנשרײַבן די נעמען. „אַלץ בײַ אונדז איז שוין
געווען גרייט צו דער חתונה, ד״ה דאָס פֿלעשל
ווײַן, די כתובה אויסצופֿילן״, באַש פֿאָר,

,

.III 19(□0 25

3□ באַזעצן אַן אָרט. א אַלע פּלעצער אין

,

טעאַטער. „די פֿעדעמלעך זײַד וואָס די
זײַדנווערעם שפּינען...אויסצופֿילן אַ פּיצל אָרט ווי
דאָס שטרײַכעלע...,,, קמ, 4 1865, No.

4 פֿאַרנעמען די צײַט. א, דעם פֿרימאָרגן

.

מיטן פּוצן זיך. א, דעם טאָג = האַלטן אַ פּלאַן
פֿון טעטיקייט פֿאַרן גאַנצן טאָג. „מע קען א,
די בלויזן אין דיאַלאָג מיט מוזיק, מיט פּאַוזעס
וואַס זאָגן עפּעס״, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע
טעאַטער.

5. טאַן, דורכפֿירן (דאָס נייטיקע,
אָנגעזאָגטע, באַפֿוילענע). ״די אַרבעט מוז געמאַכט
ווערן, ווען ניט וועט דער באָס ניט קענען
פּינקטלעך א, זײַנע באַשטעלונגען״, אר, '
העלענעס ליבעס־בריוו'. „ער האָט ווידער
אַנגעהויבן קאָמאַנדעווען, ניט פֿאָלגן די לערער, ניט

א, די דעזשורסטוועס‟, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס

אויספֿינקלען

-

זײַגען מיר. א, אַן אויפֿגאַבע. א, אַ ן אַ מ ט
= א) בלויז פֿאַרנעמען אַן אַמט און ניט טאָן
די אַרבעט ווי געהעריק; ב) דורבפֿירן אַלץ וואָס
עס פֿאָדערט זיך פֿון דעם וואָס פֿאַרנעמט אַן
אַמט.
אויספֿילער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
סאָוו. (גוטער) דורכפֿירער פֿון אויפֿגאָב,
באַשטעלונג, באַפֿעל. סטאַכאַנאָווישער א, פֿון דער
העכסטער נאָרמע.
אויספֿילצן — טרוו פֿילץ אויס, ~געפֿילצט.
-
באַדעקן, אַריבערציִען מיט פֿילץ. א, די ראַנדן
פֿון הוט.
אויספֿילצ(עווע)ן — טרוו. פֿילץ (פֿילצעווע)
אויס, ~געפֿילצ(עווע)ט. 1. אַרויסקריגן
עפּעס דורכן אויספֿרעגן, אויסשפּיאָנירן. „ער
האָט אַלץ אויסגעפֿילצט בײַ די בחורים און

מיידן וואָס טוען בײַ אים אין פֿאַבריקע", אמד. "דער מלמד מוז צו זיי אַלעמאָל קומען כּבֿוד אָנטון, פּאָטשטן דערציילן, און אַז מע דאַרף אַמאָל עפּעס אויספֿילצן בּאַדינט מען זיך מיט דעם מלמד", קמ, 2 .23 1864, No.

אויסריידן, פֿירוואַרפֿן. ,,האָט זי אָנגעהויבּן אויספֿילצעווען מיך: וואָס טוט דאָ בּראָכקע און ווי קום איך צו איר?", י. קאָפּעלאָוו. 3. אַוועקטרײַבּן, זיך גראָבּ בּאַצײַען צו עמעצן. 'ויעט בּהם, (שמואל א, כה, 14), פֿאַרטײַטשט ראָש מלון מפּתּח, זשיטאָמיר 1872, דעם שורש ,עוט, — אויספֿילצן.

אויססינגערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפֿינגערט. 1. (קינדער־לשון) אויסטאַפּן מיט די פֿינגער. "איך וועל עס ניט צעבּרעכן, איך וועל עס נאָר א'". 2. אויסשפּילן מיט פֿינגער. ,,פֿון רוקזאַק נעם אַרויס דעם פֿײַפֿיאָל און פֿינגער אויס אַ ניגון אויף דער ליימענער און פּראָסטער אָקאָרינע", חג, פֿאַרוואָקסענע וועגן.

אויססינירן — טרוו. יר אויס, ~(גע)פֿינירט.

דזוו אויספֿאַנירן ←.

אויספֿינפֿטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
געפֿינפֿטלט. אײַנטיילן אין פֿינף (טיילן), צו
פֿינף אין אַ גרופּע.

אויספֿינצטערונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿינצטערן. די א,
איז מחמת מורא פֿאַר פֿײַנדלעכע עראָפּלאַנען.

אויספֿינצטערן — ־ער אויס, ~געפֿינצטערט.
אוטוו — ווערן פֿינצטער. אויך מיט ז י ך.
„ביז עס צעשיטן זיך, פֿינצטערן אויס די
פּמליות„, סוצ, ייִדישע גאַס. טרוו — 1. מאַכן
אינגאַנצן פֿינצטער. א, די צימערן. ער
פֿינצטערט מיר אויס דאָס לעבן. 2. אויסמאָלן,
פֿאָרשטעלן עפּעס אינגאַנצן פֿינצטער. „מײַן
טאַטע האָט אים אויסגע▯ינצטערט אַלמעכטיק,
מיט שרעק און הכנעה זײַן משפּט
באַרעכטיקט“, חג, שײַן פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן.

▯

אויססינצטערניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, דורכזיכטיקע) אויספֿינצטערונג.

אויספֿינצטערער — דער, ־ס. וונ נבֿ.
אַקטיווער באַקעמפֿער פֿון בילדונג, פּראָגרעס;
פֿארפֿינצטערער; אומטאָלעראַנטער

דאָגמאַטיקער. א, פֿון מוחות.

אויספֿינקלען — ־קל אויס, ~געפֿינקלט. אוטוו — מיטאַמאָל, פלוצעם אַ פֿינקל טאָן. א, מיט די אויגן. טרוו — אויסדריקן עפּעס מיט אַ גלאַנץ, שײַן. די לאַכעדיקע אויגן האָבן

אויסאויספֿינקלעניש

געפֿינקלט פֿרייד און פֿאַרוואונדערונג. ,,האָסטו ...אויסגעפֿינקלט די געשטאַלט פֿון מעכטיקן רבי עקיבֿא,,, לע, בײַם פֿוס פֿון באַרג.

אויס□ינקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויספֿינקלען.

אויספֿיסטלען —, טרוו. ־טל אויס, ~ געפֿיסטלט. דזוו אויספֿאַלצעטעווען ←.

□ □ □

אויססיצן, ~סיצעווען, ~סיצקען — טרוו פֿיץ פֿיצעווע פֿיצקע אויס; ~געפֿיצ(ע. , ,
ווע)ט, ~געפֿיצקעט. אויספּאַטשן, אויסשמײַסן (מיט אַ רוט, אַ האַנט), אָבער ניט צו שטאַרק. א □עם הינטן, די באַקן.

,

אויססיקסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
פּיקסירט. אויסבּאַשטימען, ענדגילטיק
אײַנשטעלן, סטאַבּיליזירן. א, די פּרײַזן.

אויססיקסן — טרוו. פּיקס אויס, ~געפּיקסט.
אַמ. אינגאַנצן פֿאַרריכטן, בּרענגען אין
אָרדענונג. א, פֿון אָנהייב בּיזן סוף. „כ'על דיר אויף
פּסח א, די רומקע מיט איטלעך פּיצעלע“, בּ.
רעסלער, טמז, 30 1960 .II. א, זיך = זיך
פֿאַרריכטן, קריגן ווידער אַ געזונט אויסזען.
„נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער זיך
אויסגעפּיקסט“.
אויססיר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויספֿירן.
א, פֿון די בּאַשלוסן. 2. אויסלאָז, סוף (פֿון
א שמועס, טואונג) פֿאַר דעם ווּעסטו זוכה זײַן
—
„ .
...אַ גראָבּן קוש פֿון זרחן — ענדיקט מרים
מיט אַ געלעכטער. דער מוטער געפֿעלט ניט
דער א'“, פּרץ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבּת'.
3. דאָס וואָס מע קען אָפּלערנען, מוסר־השׂכּל.
„דעם א, פֿון דעם בּן־מלך, וואָס דערפֿון האָט
זיך אָנגעהויבּן די מעשׂה,„ נחבּ, 'מעשׂה מהז,
בּעטלערס'. 4. רעזולטאַט פֿון אַ לאָגישן
געדאַנקען־גאַנג, פּועל־יוצא, מסקנא. לאָגישער א'.

קומען צום א', מאַכן אַן א'. „די אויספֿירן זײַנען אפֿשר מער פֿאַר דעם לערער ווי פֿאַר דעם שילער", ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. „איך מאַך ניט קיין א', איך וויל גאָרניט זאָגן..."‏, סעג, איצטעך.

אויססירבאַר — אדי. דטשמ. וואָס מע קען אויספֿירן, דורכפֿירן אין לעבן. „איז דאָס אפֿשר קוים אויסצופֿירן אין די קליינע שטעטלעך...אָבער אין גרויסע שטעט ווי אַדעס איז עס פּשוט ניט א'", קמ, 32 1865, No.
אויספֿירבאַרקייט — די. מצ נב. דטשמ. אייגנשאַפֿט פֿון קענען דורכפֿירן אין לעבן. „מע נעמט אָן באַשלוסן און מע טראַכט ניט וועגן זייער א'". דורכפֿירלעכקייט.
אויספֿיר־האַנדל — דער. מצ נב. עקספּאָרטהאַנדל. "...דאַדורך וועט דער רוסישער א'־ה, (פֿון סחורות וואָס מע פֿירט אַרויס פֿון רוסלאַנד) שטאַרק לײַדן", ייִפֿאָל, 23 1884, No.
אויספֿירונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿירן. א, פֿון אורטייל, פֿליכט, התחייבֿות אאַזוו. "דעריבער דאַרף מען

מערן און לערנען די אַלע תּרי״ג מצוות און
זייער א, אין פּועל־ממש״, תּניא. 2. ספּעצ.
דאָס אויספֿירן אַ שידוך מיט אַלע הוצאות
וואָס זײַנען פֿאַרבונדן דערמיט. ״וויפֿל אים
דאַרט דער מוח איידער ער קריגט אַ שידוך
פֿאַר זײַן טאָכטער, איידער ער ברענגט צונויף
דעם נדן, די א, מיט חתו־מתּנות...רח״ש״,
ייִפֿאָל, 45 1887, No.

322

אויספֿירלעך — אַדי. 1. וואָס איז מיט
(אַ סך, אַלע) פּרטים, פּרטימדיק, גענוי. „מיר
געפֿינדן דז מעשׂה אויש פֿירלכר גשריבן„, סהמ,
יד/א. „דעשין אהני ניאכטיט ווערט מכ״ת ניט
מאַנקירן בּפּאשט הסמיך פֿון אלים אויז
פֿיהרליכי ראַפּאָרט צו געבּין״, אגרת שלמה. „האָט
סאַלטשע מיט טרערן אין די אויגן א, דערציילט
וועגן דעם אומגליק״, ספּ, סודות. 2. וואָס מע
קען אויספֿירן. „א', אויספֿירעוודיק,
דורכפֿירלעך״, סטוטש, גרופּע 320.

▯

אויססירלעכקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויספֿירלעך. א, איז אַ
סימןמובֿהק פֿון זײַן סטיל. „צו ערקלערן גוט
מיט אַן א'“, תּניא.
אויספֿירמאַכט — די, ־ן. 1. רעכט און
מעגלעכקייט דורכצופֿירן אין לעבן געזעצן,
באַשלוסן. 2. טייל פֿון רעגירונג (
אָנפֿירונג פֿון אָרגאַניזאַציע) וואָס פֿירט אויס
באַשלוסן, געזעצן; עקזעקוטיווע מאַכט. „די
אויספֿירמאַכט פֿון דער פֿעדעראַלער רעגירונג
איז אין די הענט פֿון פּרעזידענט“.

אויססירן — טרוו. פֿיר אויס, ~געפֿירט.
1. אַרומפֿירן אין פֿאַרשיידענע ערטער. א, וואו
נאָר אַ פּלאַץ, אַן אינטערעסאַנט אָרט. „האָבן
זיי די גזלנים אויך געוויזן זייער עשירות און
האָבן זיי אויסגעפֿירט אין אַלע זייערע
ערטער“, נחב, 'מעשׂה ממלך וקיסר'. „ער האָט
צוגעזאָגט אים א, די גאַנצע שטאָט אין איין
טאָג“, שע, בלאָנדזענדע שטערן II.
2. אַרויספֿירן. אַרכ. „ב, שעות לאחר חצות
האָט מן אים אויז גפֿירט לפֿני בית התּפֿלה
הגדול לעשׂות מחילה“, כּ״י וועגן מעצער

עלילת־דם פֿון 1669, [פֿש I]. ,,ווען מן איינם האָט אויש גיפֿירט צו הרגן, דא האָט מן אויש גירופֿן...“, לט 1, 1/133; אויך אין לט2, 1/112.

3. אַרויפֿנעמען אויף אַ פֿור (וואָגן) און פֿירן אַ געוויסע צײַט. ,,איך פֿאָר סײַווי, וועל איך א, די קינדער“.

4. דערפֿירן ביזן סוף, קומען צום (געגאַרטן) רעזולטאַט. “דרײַ יאָר פֿיר איך שוין אַ ליבע און א, קאָן איך זי ניט“ פֿל. ,,למאַי,

,

זאָגט ער, זאָלט איר וואַרטן אַז איר קאָנט א, באַלד?“, שע, טביה. *א אַ וועלט = גוט

,

אויסלעבן די יאָרן, האָבן הצלחה ביזן סוף לעבן. ,,יעדער[ער האָט] געלעבט צופֿרידן, קינדער חתונה געמאַכט און אויסגעפֿירט די וועלט בכבֿוד“, ארז, קמ, 30 1867, No. *א, די וועלט = דורכגיין אַ לעבן, זיך צופּאַסן צו לעבנס־באַדינגונגען. הײַנט קען מען שוין ניט א, די וועלט מיט דעם זשאַרגאָן“, ארז, קמ, 7 1870' No. *א, מײַן (דײַן, זײַן...) וועלט = אויך: האָבן פּרנסה בשפֿע. ,,וואַרט, האָסט נאָך דײַן וועלט ניט אויסגעפֿירט!“, פֿוול. ,,וואויל

איז דעם וואָס פֿירט אויס בכּבֿוד זײַן וועלט", שוו. „ס'הייסט אַז מ'זעט שוין מ'האָט די וועלט כּשר אויסגעפֿירט" [= ערלעך און גוט דורכגעלעבט], מס, קהלת, תּקע"ט, פּירוש צו ז, 1. *א, די יאָרן, זײַנע יאָרן = א, אַ וועלט. „אַן אַלטער מאַן שרײַבט צו זײַן ברודער, ווי ער שוין, לויב גאָט, זײַנע יאָרן אויסגעפֿירט האָט", ליאָנדאָר, נײַער בריפֿן שטעלער, ווילנע 1844. *א, א שידוך — פֿאַרטראַכטן, צונויפֿ— —

-

אויספּירן

פֿירן די צדדים און דערפֿירן ביז צו דער חתונה. „נו, געלויבט צו גאָט פֿאַר דעם, איך בין איצט אַ שדכן, איך פֿיר אויס די גרעסטע שידוכים", עט, סערקעלע.

5. דורכפֿירן אין לעבן, רעאַליזירן. „דער עיקר מין אין מידות איז דער תּוקף, ד"ה דאָס א'", פּוקח עורים. נ"י, תּ"ש. „איינער פֿון די טויזנטער ייִדן וואָס האָבן אויסגעפֿירט אין לעבן די עצה פֿון מורנו הבעש"ט נ„ע, אַז ייִדן זאָלן...אַרבעטן די ערד", לדבֿ. *א אַן

,

עקשנות = זיך איַינשפּאַרן, פֿאַרעקשנען זיך און דורכפֿירן. א אַ צוזאָג, שליחות, אָפּמאַך,

,

אע. א אַן ענין, עסק, פּלאַן, אונטערנעמונג,

,

געשעפֿט, אַטענטאַט, גניבֿה אע. „ווי דער עסיק צו די ציין און דער רויך צו די אויגן, אַזוי איז דער פֿוילער צו דעם וואָס וויל מיט אים עפּעס א,“, מס, משלי, תּקע״ד, י, 26. „השׂגות האָט ער גרויסע, וועלן וויל ער דווקא זייער אַ סך, נאָר א, — לא מיט אַן אלף“, ממוס, שטורעמציַיט. „[זי] זיצט זיך בײַ דער צרה... און העלפֿט איר נאָך אירע גנבֿישע שטיקלעך א'“, עט, סערקעלע.

6. אויסקומען, דורכקומען, פֿאַרמאָגן די נייטיקע (געלט)מיטלען כּדי צו דערגרייכן. „וויל זיא נור דער בּייא ערהאלטין דאז זי זאלכיש עד מאה שנים מיט גיזונד אונ, שלום תּוך עושר וכבֿוד אויז פֿירין זולין“, גה, 320. „דז ידוע איזט דאז הוצאות הדפּוס מרובּה איז אונ, איך מכּיסי ניט אויש פֿירן קאַן,,,, שלמהזלמן לונדן, הקדמה צו אורחת צדיקים—ספּר המידווג, אמשט, תּצ״ה. *א, דעם שבּת (דעם

פסח, אַ יום־טובֿ) = האָבן גענוג געלטמיטלען צוצוגרייטן דאָס נייטיקע אויף שבת אע. „ס'פֿעלט אונדז דעם שבת אויסצופֿירן...באַלד פֿעלט דאָס, באַלד יענס, באַלד פֿעלט אויף דעם טשאָלנט“, ל. פּימסנשטיין, תּיקון לייבעלע, לעמבערג 1894. „ס'טרעפֿט אַז גנענדל האָט נישט מיט וואָס אויסצופֿירן דעם שבת“, פּרץ, חסידיש. „א, מיט דער הכנסה וואָס קהל האָט קאָן ער נישט, איין גראָשן זעט נישט דעם צווייטן“, פּרץ, ,אײַזיקל, שעכט'.

7. זײַן בכּוח דורכצופֿירן. „און אויב ער קען דאָס אויך ניט א, [צו זײַן פֿון די ערשטע צען צו שחרית], זאָל ער זען קיין שום אַרבעט ניט צו טאָן פֿאַרן דאַוונען“, לט 2, 1/7. „כּדי דאָס צו קענען א, האָט דער רבי אײַנגעפֿירט אַז זײַנע חסידים מוזן זיך אַליין דערנערן דורך אַרבעט“, אַש, תּהילים־ייִד. „און מיט געלט — וואָס קען מען הײַנטיקע יאָרן ניט א, אויף דער וועלט?“, שע, קליינע מענטשעלעך.

8. טאָן וואָס מע הייסט; מקיים זײַן. א, אַ באַפֿעל, אָנזאָג, געבאָט, מצווה, געזעץ. „דער מענטש דאַרף א, אַלע תּרי“ג מצוות, וואָרעם זיי זײַנען די כּלים דאצילות“, תּניא, 372. „קאָמאַנדירן קאָן ער נאָך, אָבער א, נישט“, פּרץ,

'דער משולח'.
9. פּועלן; דערגרייכן מיט רייד, בּעטן, אויפֿוויַיזן, איבּערצײַגן. *א, מיט גוטן = א, דורך אײַנריידן, בּעטן. *א, מיט בּייזן = א, דורך סטראַשען (שלאָגן). (ניט) קענען א, עפּעס בּײַ עמעצן. „מיט גוטן קען מען אַלץ א'„ שוו. "מיט אַ קלוגן קען מען אַלץ א'", שוו. „מיט שרײַען פֿירט מען ניט אויס„ שוו.

□

אויספּירן

„דאָס צווייטע וויַיבּ און אַ בּת־יחידה פֿירן אויס אַלצדינג", שוו.
1O. אַרויסקומען דער זיגער, מנצח זײַן, געווינען. איך (ער) האָבּ (האָט) אויסגעפֿירט מײַנס (זײַנס)! = וואָס איך (ע□) האָבּ (האָט) געוואָלט. „אַ רבּים פֿירט שטענדיק אויס", שוו. „פֿון גערעכט ניט־גערעכט, פֿון יידישקייט ניט־יִדישקייט, קענען ניט־קענען — איז דאָ ניט די רייד, דער עיקר איז א'", ממום, אַ שטאָט אין מזרח'. אַיר: „אַז קהל וויל, קען
,
ער (זי) אַלץ א'„ פֿוול.

11. ענדיקן (רייד, טואונג); קומען צום עיקר־פּונקט. „די מעשׂה איז מיר שווער צו דערציילן, נאָר אַז איך האָב זי שוין אָנגעהויבּן, מוז איך זי שוין א'“, נחבּ, 'מעשׂה מהז, בעטלערס'. „...אַז מיר ווען קאָנען א, דעם גמר פֿון דער מעשׂה“, חה, 371. „האָט סענדערל אַ רעד געגעבּן און איז פּלוצעם געבּליבּן ווי דערוואָרגן, ניט געקענט א, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן“, ממוס, מסעות.

12 פֿאַרענדיקן, אויסלאָזן. „ווען איינער

.

האָט זיך טועה געווען און האָט געמאַכט אַ בּרכה וואָס ער בּאַדאַרף זי נישט...ער האָט זיך אָבּער תּיכּף דערמאָנט נאָך 'בּרוך אַתּה ה', — זאָל ער א': 'למדנו חוקיך',„ חא, מ/בּ.

13. בּאַשולדיקן עמעצן אין די אויגן. א, פֿאַר אַלעמען, אין (זײַן טרייפֿענעם) פּנים אַרײַן.

14. מאַכן (קומען צו) אַ לאָגישן פּועליוצא, בּאַווײַזן פֿון דעם אַלעם דאַרף מען א'.

.

וואָס קען מען א, פֿון די הנחות? „איך פֿיר

...

אויס זייער זין, זייערע געדאַנקען אויף

קלאָר“, ליאָנדאָר, נײַער בריפֿן שטעלער, ווילנע 1844.

15. אויסברענגען אַ מוסר־השׂכּל, אָפּלערנען. „פֿון דער זעלביקער מעשׂה פֿירט איטלעכער אויס דאָס זײַניקע“. „אַזוי ווערט אויך אויסגעפֿירט צום סוף פֿון פּרשה פֿון יציאת מצרים“, תּניא, 266.

16. פֿירברענגען פֿאַר אַן עולם, אויסשפּילן. א, אַ פֿאָרשטעלונג, אַקט, (מוזיקאַלישן) נומער. *א, אַ ראָלע = (גוט) דורכפֿירן אַ ראָל(ע). „מיט דעם קליינעם קאָר האָט ער אויסגעפֿירט די שווערסטע שטיק וואָס ווערן געזונגען“, ארז, קמ, 1866, No 12. „דער קריג איז אָנגעגאַנגען סײַוויסײַ מיט ניט־פֿאַרשטענדלעכע כּלי־זין: ניט שווערד, ניט שפּיז, ניט קויל פֿון בלײַ, נאָר וואָרט האָט אויסגעפֿירט די ראָל פֿון קין,„ הל, 'היטלער־נעכט־מאָטיוון'.

17. אַרויסנעמען פֿון אַ צרה, ראַטעווען. „איך בין געקומען אַהיים, האָב מיך גענומען צו שדכנות, גאָט פֿירט מיך אויס“, קמ, 1868, No 43. גאָט וועט א,! „לעבן דאָך יִדן אָפּ אַ וועלט מיט בטחון אַליין און גאָט פֿירט זיי אויס“, ממום, מסעות. „ער קוקט שוין אויף מיר פֿון אַ צײַט, נאָר מיט חסד, גאָט האָט מיך

ביז אַהער אויסגעפֿירט...און באַהאַלט זיך
אויס,,, שע, מנחס־מענדל.

18. אָפּשאַפֿן, בטל מאַכן, ליקווידירן;
אַנטאָנים צו אײַנפֿירן. ,,די נײַע גבאים
פּראָיעקטירן אויסצופֿירן דעם קינדערשן צדקה־
לפֿניוכאָר פֿון תּלמוד־תּורה,,, אַש, שלמה נגיד.
,,דער פֿאַבקאָם [▯ =: פֿאַבריק־קאָמיטעט] האָט

אויסגעפֿירט די מאָדע פֿון נעמען אַרבעטער
פֿון טויער", מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק.

19. אויסבריִען, אויסזיצן, אויספּלאָדען.
,,טויבן...עסן קעסט, פֿירן אויס פּלידן",
ממוס, פּריזיוו. ,,די אינדעטשקע פֿירט אויס
...
אַ זעצל קינדערלעך", ממוס, שלמה. ,,זי האָט
זיך געלייגט, געקוואָקעט און אויסגעפֿירט
הינדעלעך, צען קינדערלעך מיט אַ מאָל האָט
זי אויסגעפֿירט", ממום, קליאַטשע. אויך:
אויסהאָדעווען בכלל, אַפֿילו אין פֿאַרבינדונג מיט
פֿאַרזעצן געוויקסן. ,,עס איז גרינגער
אויסצופֿירן אַ וואַלד איילבער[ט]־ביימער אין גליל

ווידער מגדל צו זײַן אַ קינד אין ארץ־ישׂראל„,
אור עולם□ ח״א, נעתק ע״י ר, י□ראל ממינסק,
ווילנע 1865.

פֿפ: א, גוט: ווי אַ גראַף, אַ פֿריץ, דער מלכות, ווי אין (ליכטיקן) טאָג אַרײַן. א, שלעכט: ווי אַ הונט (קעגן דער לבֿנה), ווי אַ חזיר, ווי יאָנטל בײַ קהל, ווי אַ סטאָפּ מיט אייער, ווי קורטע (אויף דער לינקער זײַט), ווי קורטע די בעדערקע.

אויס□ירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. .1
אויסגעפֿירט ווערן. ״[די כּוונה] וואָס מע האָט [די נשמה] אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם...קען זיך אין דעם אופֿן פֿון התבודדות ניט א׳״, לדבֿ. 2. (גוט) פֿאַרענדיקן זיך. „בּרידער, אויבֿ די זאַך וועט זיך א', קריגט איר אַ פֿײַנע מתּנה״, אר, 'אַ גאַנצע נאַכט,. 3. אַריבערקלײַבן זיך. זיך א, אויף אַן אַנדער גאַס. 4. אויספּיקן זיך פֿון אייער, אַרויסקומען פֿון רויג. די הינדעלעך פֿירן זיך אויס. „די נקבֿות לייגן אייער צווישן געוועקס אין ים, דאָרטן פֿירן זיך די קינדערלעך אַליין אויס״, ממוס, דער פֿיש'.,

5. דורכגעפֿירט, מקוים ווערן אין לעבן. „דעם טאַטנס פֿאַרזאָג...האָט זיך אויסגעפֿירט בכל

הדיוקים“, לדבֿ. 6. אויפֿהערן זײַן. „כּל־זמן אין קעשענע האָט זיך נאָך ניט אויסגעפֿירט דאָס ביסל קלייגעלט...“, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק.

אויספֿירן זיך — קזוו. ← דפֿוו. זיך אויסטענהן; זיך פֿאַרמעסטן אין עוולות, קריוודעס.

אויסגלײַכן זיך. „א, זיך אין אײַנפֿירן זיך„„ שוו = אַז מע טענהט זיך אויס ווערט מען ווידער גוטע פֿרײַנד.

אויספֿירעוודיק — אַדי. וואָס לאָזט זיך, וואָס מע קען אויספֿירן. א'ער פּראָיעקט, פּלאַן אע.

▯

אויססירעכץ — דאָס, ־ן (־ער). איר אויספֿיר, אויספֿירונג, אויספֿירעניש.

אויספֿירעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספֿירן (זיך).

▯-

אויססירער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿירט אויס, פֿירט דורך אויפֿגאַבע, באַשלוס; עקזעקוטיוו. א, פֿון געזעץ = עקזעקוטאָר. א, פֿון צוואה▯ = קוראַטאָר. א, פֿון אַ ראָל(ע), פֿון אַ טעאַטראַלישן (מוזיקאַלישן) נומער. ווער עס באַשולדיקט עמעצן אין די

אויגן, ל2.

אויספֿירקאָם — דער, ־ען. סאָוו. קירצונג: אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון סאָוועט. „בײַ די טויערן זײַנען געשטאַנען אַ פּאָר אַווטאָמאָבילן: פֿון א, און פֿון פּאַרטקאָם„, א. קאַהאַן, מענטשן פֿונעס אַלקער.

אויספֿלאַסטערן

אויססיר־קאָמיטעט — דער, ־ן. קאָמיטעט וואָס פֿירט דורך באַשלוסן פֿון אָרגאַניזאַציע, פּאַרטיי. עקזעקוטיווער קאָמיטעט.

אויססישן — טרוו. פֿיש אויס, ~געפֿישט.

1. אויסכאַפּן פֿיש. א אַ טײַך, אָזערע.

2. אַרויסקריגן אַזוי ווי מיט אַ ווענטקע צי

נעץ; אויספּאָרשן, אויסגראָבן, אויסגעפינען.
א אַ נײַע פּליאָטקע.

אויספֿלאַטערן — אוטוו. ־ער אויס, ~
געפֿלאַטערט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן פֿלאַטערן;
באַוועגנדיק גיך די פֿליגלען, אויספֿליִען ניט הויך
איבער דער ערד. א, אומעטום, איבער אַלע
בלומען. 2. אויסציטערן.
אויספֿלאַטערן זיך —, אוטוו. ←דפֿוו.
אויפֿהערן, ניט וועלן מער פֿלאַטערן. „ווען נישט
ער, וואָלט זי זיך געווען אויסגעלעבט ריין,
אומשולדיק זיך געווען אויסגעפֿלאַטערט“,
דעמבלין, צוויי און אַ דריטער.
אויספֿלאַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿלאַכן.
אויספֿלאַכן — טרוו. פֿלאַך אויס, ~געפֿלאַכט.
1. מאַכן פֿלאַך, פּלאַטשיק; אויסגלײַכן. א אַ
וועג. „איר הויכע ווערבעדיקע געשטאַלט
טראָגט אין זיך פֿאַרשלאָסן די רויע
מעגלעכקייט צו ווערן אויסגעפֿלאַכט“, נאַד. 2. מאַכן
באַנאַל, טריוו אַל, אויבנאויפֿיק. א, יענעמס
געדאַנקען.

אויספֿלאַמען — אוטוו פֿלאַם אויס, ~
גע.
פֿלאַמט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן פֿלאַמען. א,
אין רויטע צונגען. 2. אויפֿהערן פֿלאַמען.
ס'פֿײַער האָט שוין אויסגעפֿלאַמט. טרוו —
אויסבּרענען. פֿאַרבּרענען. „אין אַ פּאָר שעה

ווערן אויסגעפֿלאַמט אַ פּאָר הונדערט
הײַזלעך“, צעד.
אויססלאַנצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿלאַנצן. די א, פֿון די
בּערג אַרום צפֿת.
אדיספֿלאַנצן — טרוו פֿלאַנץ אויס, ~
גע
פֿלאַנצט. פֿאַרפֿלאַנצן אַ באַשטימטן שטח (אין
אַ בּאַשטימטן סדר). א, דעם וועג מיט בּיימער.
„...וועל איך מיט שטיינער לאַנג זיך שפּײַזן
און א אַ האַרץ פֿון אײַזן„, סעג, פּאָעמען,
,

.191
אויספֿלאַנצער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויספֿלאַנצן. „דער

קרן־קימת איז דער א, פֿון די בערג“.
אויספֿלאַסטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿלאַסטערן.
אויספֿלאַסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿלאַסטערט. 1. אַרויפֿלייגן פֿלאַסטער(ס) אויף
עפּעס. א, די ווענט מיט אויפֿרופֿן. א, דעם
הויף מיט צעמענט. א, דאָס פּנים מיט
שמינקע. „אַמאָל, פֿאַרצײַטנס נאָך, איז אַרויס אַן
אוקאַז, מע זאָל די דאָזיקע גאַס א, מיט
שטיינער“, שע, מע t זיות און פֿאַנטאַזיע .
„מיר האָבן זיך קעגנזײַטיק אויסגעפֿלאַסטערט
די בײַכער מיט סעמפּל־פֿלאַסטערס“, נאַד.
2. אויסבעטן, אויסדעקן. „אַ שוואַלב איז
אַרויפֿגעפֿלויגן אויף אַ שעפּס אום [אַ
ביסעלע] וואָל פֿון איר צו באָקומען איר נעסט
אויסצופֿלאַסטערן“, ליאָנדאַר, נײַער בריפֿן
שטעלער, ווילנע 1884. 3. דזוו אויסברוקירן ←.

אויספֿלאַסקע(נע)ן

אויספֿלאַסקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס,
~געפֿלאַסקעט. לר, מג. דזוו
אויספֿליאַסקען ←.
אויספֿלאַצן — טרוו פֿלאַץ אויס, ~געפֿלאַצט.

.

אַרכ. אויסשטויסן, אויסשטופּן, אויסבריקען.

מ׳ פֿאַרטײַטשט 'וישמן ישורן ויבעט, (דבֿרים, לבֿ, 15) ,,און, ער אויש פֿלאַטצט,, [תּי: ,,און ער האָט געבֿריקעט“].

אויספֿלאַקסן — טרוו פֿלאַקס אויס, ~ גע׳

פֿלאַקסט. גאַליציע. אַרויסקריגן עפּעס מיט דריידלעך, כיטרעקייט. ,,ער האָט אַלץ געטראַכט שפּעקולאַציעס ווי אַזוי אויסצופֿלאַקסן עפּעס גראָבֿ געלט“, ,,זי באַדאַרף נאָר תּמיד געלט מיט מתּנות. זי וועט מיר נאָך דאָס געלט אויך א,“, יצחק־משה באַדער, צבֿיה פֿון אָדעסאַ, לעמבערג, 1905, זז, 40, 118.

אויספֿלאַקערן — אוטוו. ־ער אויס, ~ געפֿלאַקערט. ברענען מיט אַ העל פֿײַער און אויפֿהערן. “דאָס האָלץ פֿלאַקערט אויס ווי שטרוי“, חיים פּעט. ,,און אויסגעפֿלאַקערט האָט די פֿלאַם, האָט בלויז אַ קורצע צײַט געווערט“, יהואָש, 'כּף הקלע,.

אויספֿלאַשן — טרוו פֿלאַש אויס, ~ גע.

פֿלאַשט. (קינדער־לשון) אויסטרינקען פֿון פֿלאַש. ,,איך דאַרף ניט קיין גלאָז, איך וועל עס

א'".

אויספֿלוג — דער, ־ן. אַרויספֿאָר, מאַיאָווקע. קורצע עקסקורסיע צו פֿאַרבּרענגען (הינטער דער שטאָט, אויף דער פֿרײַער נאַטור). א, אין וואַלד, צום וואַסערפֿאַל. „בײַנאַכט פֿלעגן זיי מאַכן אַן א, אין פֿאַרשידענע געסלעך", צוויי בלינדע קעץ, לעמבּערג 1890.

אויספֿלוכן — טרוו פֿלוך אויס, ~געפֿלוכט.

ארכ, דטשמ. דזוו אויסשעלטן ←.

אויספֿלוס — דער, ־ן. 1. מאַטעריע פֿון אַ וואונד, געשוויר. 2. סעקרעציע פֿון דריזן אין אַ לעבּעדיקן אָרגאַניזם. 3. בּכלל דאָס וואָס פֿליסט אַרויס. „כּײַ דעם כעמישן פּראָצעס בּאַקומט זיך אַ רויטלעכער א'". 4. אָרט פֿון וואַנעט אַ וואַסער הייבּט אָן צו פֿליסן. א, פֿון טײַכל.

אויספֿלי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אויספֿליִען. 2. עקסקורסיע, אויספֿלוג, אַרויספֿאָר.

אויספֿליאַדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפֿליאדערט. 1. לײַכטזיניק פּטרן צײַט. א אַ

,

לעבן. 2. עפּעס באַקומען אויף אַ
לײַכטזיניקן אופֿן. א, זיך אַ חתן.
אויספֿלאַדרעווען — טרוו. ־רעווע אויט,
י
~געפֿליאַדרעוועט. 1. אַרויסקריגן (אַ סוד)
דורך אויספֿרעגן, אויסנישטערן. א, די נעמען
פֿון דער חבֿרה. 2. באַשווינדלען,
אויסשווינדלען. א, די דאָרפֿסלײַט.
אויספֿלאָנדערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געי
פֿליאנדערט. 1. דזוו אויספֿלאַדערן ←.
י
2. אַרויסקריגן מיט דריידלעך.
אויספֿלאַסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געי
פֿלאַסקעט. 1. אויספּאַטשן, אויסשלאָגן (מיט
י
א רוט, מיט דער האַנט). א, דאָס טרייפֿענע
פּנים, דעם הינטן, די פּיסקעס. 2. אויסשמירן.
אויסקאַלכן, אויסמאָלן, אויספֿאַרבן (פּעיאָ).

אויספּליאַקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס,
~געפּליאַקעט. 1. אויסשנײַדן אינגעווייד פֿון
אַ געשאָכטענער בהמה. 2. באַרעדן.
אויספּליגלען —. טרוו. ־גל אויס, ~געפּליגלט.
אויספּוצן מיט פּליגל(ען). א, די מלאָכימלעך
פֿאַרן טאַנץ.
אויספּליטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפּליטערט. אַרויפּלייגן, אַרויפֿנייען פּליטערלעך,
באַצירונגען (אויף אַ קלייד). א אַ באַלקלייד.
,
אויססלייטן — טרוו. פּלייט אויס, ~געפּלייט.
אויסשפּילן אַ מעלאָדיע אויף אַ פּלייט. א, אַ
פּשוטן ניגון.
אויספּלייסן זיך — אוטוו פּלײַס זיך אויס,
—
.
זיך ~געפּלײַסט. 1. זיך באַמִיִען,
אַרויסווײַזן פּלײַס(יקייט). זיך א, צו שרײַבן זייער
שיין. 2. אַרויסשטעלן זיך, באַרימען זיך.
זיך א, פֿאַר די קינדער מיט טרעפֿן אין ציל.
אויספּלייען — טרוו פּליי אויס, ~געפּלייט.
-
באפּרײַען פֿון פּליי. א אַ קאָלדרע.

,

אויספֿלייץ — דער, ־ן. שטאַרקער אויסגאָס.
א, פֿון וואַסער, נאַפֿט.
אויספֿלייצן — אוטוו פֿלייץ אויס, ~
גע.
פֿלייצט. 1. אַריבערגיין די ברעגן מיט אַ סך
וואַסער (פֿליסיקייט). דער טײַך וועט א'.
2. (מיטאַמאָל) אָנהייבן גיסן זיך. „מע האָט
געפּאָמפּעט ביז וואַסער האָט אויסגעפֿלייצט“.
אויספֿליישן זיך — אוטוו פֿלייש זיך אויס,
.
זיך ~געפֿליישט. צוקריגן פֿלייש, דיק ווערן.
די יאַלעווע קו האָט זיך אויסגעפֿליישט אויף
דער פּאַשע. (ווענן מענטשן בלויז מיט ביטול).
אויספֿליסונג — די, ־ען. 1. דזוו אויספֿלוס.
2. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿליסן.
אויספֿליסן — אוטוו. פֿליס אויס, האָב (בין)
~געפֿלאָסן. 1. אָנהייבן פֿליסן פֿון צווישן
„ .
די שטיינער פֿליסט אויס אַ קליינער שטראָם“.

2. אויפֿהערן פֿליסן. „דאָס וואַסער האָט אויסגעפֿלאָסן און מע זעט די בעט פֿון טײַכל“.
3. פֿליסן דורך אַ צאָל ערטער. „דער טײַך פֿליסט אויס דורך וועלדער און פֿעלדער“.
[אויך אַקוזוו. פֿליסט אויס וועלדער און פֿעלדער]. 4. זיך צעגיסן, זיך צעשפּרייטן. „ איבער איין צײַט דערנאָך טרעפֿט זיך דאָס איין גרויס געוויסער אויספֿליסט“, א. פֿאַוויר, ספּורי הפֿלאות, וואַרשע 1844.

אויספֿל◌ען פֿלי אויס, בין ~געפֿלויגן -◌

(וועגן ה אָ בּ ← אויסלויפֿן). אוטוו — אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן פֿליִען. אַרויספֿליִען. „ר, יוסי האָט גיזאגט, אַז ישׂראל האבין גיהערט דיא ריד פֿון הקבּ“ה דא איז אויש גיפֿלוגין אירה נשמות פֿון דיא ישׂראל“, נצ1, שמות, טז/ד. אקוזוו — דורכפֿליִען אַ צאָל ערטער. א, אַלע לענדער, אַ וועלט.

אויספֿל◌ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו פֿליִען

.

איבער אַ צאָל ערטער און אויפֿהערן. „צײַט צו זיצן אין דער היים, גענוג זיך

אויסגעפֿלויגן“.

אויספֿליק — דער, ־ן. אַרויסריס, אַרויסצופּ. ניט קיין קניפּ, נאָר אַן א, פֿון באק.

אויספֿליקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿליקן. פֿאַרקויפֿן די גאַנצע א, פֿעדערן.

אויספֿליקן — טרוו פֿליק אויס, ~געפֿליקט.

1. אויסרײַסן מיט פֿינגער. א, אַ האַלבע באַק

אויספֿלעכטן

מיט אַ קניפּ. א, ווילדגראָזן. 2. אַרויסרײַסן מיט כוח. „ער האָט אויסגעפֿליקט יונגע ביימער מיט די וואָרצלען“, בעל־מחשבֿות 141, I.

א אַ פּ אַ ר ך = א) אַראָפּנעמען, אַראָפּ, קראַצן די פֿאַרטריקנטע טיילן פֿון אַ פּאַרך. „אַזאַ ייִדענע...דאַרף האָבן אַ שטיקל ידיעה אין כּישוף פֿאַררײדן ציין...א אַ פּאַרך“, יודי... ,

שער פֿאַר־פּסח; ב) פֿאָרוואַרפֿן, פֿירהאַלטן מיאוסע מעשׂים, גראָב. 3. אויסצופּן. א, צויטן, פֿעדעם. א, פֿעדערן = אַראָפּרײַסן די ווייכע

פֿעדערן פֿון די פּענקעס. „אַרויסגעקוקט אָנצונעמען... פֿון אַ צוואַנציק גענדזלעך פֿעדערן איבער ווינטער אויסצופֿליקן“, ממוס, ווינטשפֿ.
4. מעטאָנימיש. מאַטערן. „צי איז דאָס אַזוי רעכט? אויסצופֿליקן די מוטער, זי זאָל זיי באַדינען“, נחמיה לאָטרינגער, דער יודישער דלות, לעמבערג.

אויספֿליקעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספֿליקן. 2. צרה, אָנשיקעניש. קללה: אַן א, זאָל אויף אים קומען!

אויספֿלירטעווען — ־טעווע אויס, ~ געפֿלירטעוועט. אויטוו פֿלירטעווען אַ לענגערע

צײַט. א, פֿון זעקס ביז זעכציק. טרוו — עפּעס קריגן דורך פֿלירטעווען. א, מתנהלעך.

אויספֿלעכט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויספֿלעכטן. אויסגעפֿלאָכטענע זאַך. אַ קונציקער א,.

אויספֿלעכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿלעכטן. די א, האָט צוגענומען בײַ זיי גאַנצע טעג.

אויספֿלעכטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געפֿלעכטלט. 1. מאַכן פֿלעכטלעך. א, דאָס

איבערגעבליבענע ביסל טייג. 2. מאָכן עפּעס
פֿון פֿלעכטלעך. א, אַ לייטער אויף דער חלה
ערבֿ יום־כּיפּור.
אויספֿלעכטן — טרוו. פֿלעכט אויס, ~
געפֿלאָכטן (אויך: ~געפֿלעכט). 1.
אויסאַרבעטן עפּעס פֿון אַ בייגיקן מאַטעריאַל דורך
פֿלעכטן. א, קערבלעך פֿון שטרוי. 2.
אויסניצן דעם גאַנצן מאַטעריאַל בײַם פֿלעכטן. א,
די לאַנגע און ברייטע שטרויען. א, דאָס גאָנצע
טייג.
3. צונויפֿדרייען, צונויפֿנעמען דורך
פֿלעכטן. א, אַ שטריק. „פֿעדעם דײַנע א, אין
אַ שנור זיך ווען", ראָלניק, 'דו ביסט
געזעסן'. "האָט זי זיך גענומען א, פֿון בלומען
און בלעטער אַ שיינע גירלאַנדע די סוכּה
אויסצופּוצן", יד, אבן נגף. „איך האָב [מײַנע
טעג אַליין] געריסן פֿון דער צײַט און
אויסגעפֿלאָכטן אין אַ קראַנץ פֿון יאָרן", דא, 'טעג
און נעכט'. *א, חלה = אויספֿורעמען אַ חלה
פֿון לענגלעכע שטיקער טייג דורך
צונויפֿפֿלעכטן זיי. "...פֿאַרהערן זיך אין אײַנג▯־
מאַכטס פּרעגלען און א, דעם פּורים־קוילעטש",
ממוס, ווינטשפֿ. *א, צעפּ, אַ צאָפּ = אײַנ..
טיילן האָר אין חלקים און פֿאַרדרייען אין

צעפּ (אַ צאַפּ). „ווער וועט אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן זיך אַלע טאָג דואַשן די אויערן, פֿאַרקעמען, א, צעפּ?“, נאַד. 4. אויסאַרבעטן, אויסקאָמבינירן. „א, פֿון זיי מלאָכה־געלט קאָן מען ניט“, מרגליות, אַמעריקאַנער, III 1960 ▯ .2 ▯

אויספֿלעכטן זיך

אויספֿלעכטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (אָן אָנשטרענגונג) צוניפֿקייטלען זיך, צוניפֿנעמען זיך. עס פֿלעכט זיך אויס אַ שיינע מעשׂה. „אַ חודש אַ גאַנצן געפֿלאָכטן דעם קאָרב האָב איך מיט די אייגענע פֿינגער, די יונגע ערבֿרת געשיילט און געקלאַפּט, זיי זאָלן זיך א, גרינגער“, דא, צבֿיה.
אויספֿלעכטעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויספֿלעכטן.
אויספֿלעכטער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויספֿלעכטן קערבֿ און ענלעכע זאַכן.
אויספֿלעמלען — ־מל אויס, ~געפֿלעמלט. אוטוו — אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן ברענען מיט אַ קליינעם פֿלאַם (אָדער מאַכן דעם

איַינדרוק פֿון עפּעס וואָס צינדט זיך אָן אָדער
לעשט זיך אויס). „[צווישן] איינציקע
ווערטער...האָט אַמאָל עפּעס אויסגעפֿלעמלט אָן
ווערטער“, אָפּאַ, די טענצערין. טרוו —
אַרויסגעבן (ליכט) מיט אַ קליינעם פֿלאַם
„דאָס קאַנעצל האָט זיַין לעצט ביסל שיַין
אויסגעפֿלעמלט“.

אויספֿלעמען — טרוו. פֿלעם אויס, ~
געפֿלעמט. אויסקלאַפּן, אויסשלאָגן מיט
שטאַרקע קלעפּ. א, עמעצן אין פּנים, א, דאָס פּנים,
(אין) די אויערן.

אויספֿלעקלען — טרוו. ־קל אויס, ,
געפֿלעקלט. 1. אַריַינשטעלו פֿלעקלעך,
פֿלעקענער. א, די גרענעץ וואו עס הייבט זיך אָן
אונדזער פֿעלד. 2. (שוסטעריַי) אַריַינקלאַפּן
הילצערנע שטיפֿטעלעך. א, די זוילן (סאָניק,
גאַליציע).

אויספֿלעקן — טרוו. פֿלעק אויס, ~געפֿלעקט.
1. מאַכן אַ צאָל פֿלעקן. א אַ קלייד, דאָס
,
ריינע פּאַפּיר. „...האָט זיַינע קליידער אַזוי
אויסגעפֿלעקט אַז מע האָט זיי געמוזט
אַרויסוואַרפֿן“, ייִפֿאָל, 2 .39 1885, No. פּר.
אויסטריקענען מיט קלעקפּאַפּיר; דזוו אויסקלעקן.

3. אויסבּרענען, אַרויפֿשטעמפּלען צייכן (אויף אַ בּהמה ווי אַ סימן פֿון בּעל־הבּית). א אַ

,

בּהמה כּדי זי צו דערקענען.

אויספֿלעשלען — טרוו. ־של אויס, ~ געפֿלעשלט. אויסזופּן פֿון פֿלעשל. א, בּראַנפֿן בּיז ־ דנאָ.

אויססעגן — [לאַנגע ע] טרוו. פֿעג אויס, ~געפֿעגט. אַרכ. אויסרייניקן, אויסקערן. „אַך איז אָסור איין קריפּף אויס צו פֿעגן ריין צו מאַכן אם שבּת“, לט1, 2/76.

אויספֿעדלען (זיך) — [לאַנגע ע] ־דל זיך אויס, זיך ~געפֿעדלט. דזוו אויספֿעדעמען (זיך). שטיקערײַ, (קאָליש). „עס האָט זיך מיר אויסגעפֿעדלט דער גאַרן„.

אויססעדעמען — טרוו. ־עם אויס, ~ געפֿעדעמט. 1. אַרויסנעמען פֿעדעם. 2. אויסניצן דעם אָנגרייט פֿון פֿאָדעם בּײַ אַן אַרבּעט. 3. דורכציִען פֿעדעם (פֿון אַ געוויסן קאַליר) איבּער אַ שטריקערײַ פֿון אַן אַנדער קאָליר.

אויססעדעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַראָפּציִען פֿון אַ שפּול(קע). מער ניט זײַן אויף אַ שפּול(קע). "די שפּולקע איז אראָפּגעפֿאַלן און דער גאַרן האָט זיך אויסגעפֿעדעמט".

-

אויססעדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפֿעדערט. 1. באַדעקן מיט פֿעדערן. באַשמירן מיט סמאָלע און א'. „און ווי אַ נעסט עס אויסגעפֿעדערט" פֿײַן, גאָט פֿון צאָרן. 2. באַ, פֿרײַען פֿון פֿעדערן. אויסקעמען און א, די

האָר. א, די גאַנדז (סאָניק).

אויססעדערן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך
אריספּוצן. 2. זיך האַלטן גרויס. זיך א, און
אַרומגיין וו אַ פּאַווע.

אויססעטסן — טרוו. פּעטס אויס, ~
געפּעטסט. באַשמירן מיט פּעטס. א, די בלעכן
פּ— באַקן.
אר
אויססעכטן — טרוו. פּעכט אויס, ~געפּעכט,
~געפּאָכטן. 1. פּאַרענדיקן פּאַרמעסט מ ט
שווערדן (שפּאַגעס, ראַפּירן אע) און קומען
צו אַ רעזולטאַט. א אַ דועל. 2. אויסקעמפּן

(מיט פּאַרשיידן געווער, אויך מיט ווערטער).
"זײַנען אַלע שוין געקומען...האָט מען היציק

זיך גענומען אויספּעכטן די דעבאַטע“, אַל, 'דער דועל'. „שמע▯גי הקיסר יר״ה וויל פּאָרט מלחמה הלטן, אויב ערט אַליין אויז פּעכטן ווערט קענן יגיד הזמן לטובֿה“, י. מאַרשן, חנוך לנער, פּיורדא 1774.

אויספּעכלען — ־כל אויס, ~געפּעכלט. אוטוו — אויסגלאַנצן, אויסשײַנען. טרוו — אָפּשטויבן, אויסשטויבן. אויסקילן. ← אויספּאָכן.

אויספּעכלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פּון אויספּעכלען.

-

אויססעכערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפּעכערט. 1. אויסקילן מיט אַ פּעכער. א, די הייסע לופּט. 2. מיט (עפּעס וואָס דערמאָנט אין) אַ פּעכער אויסדריקן, אויספּורעמען. „זי פּלאַטערט...איר פּאַרבן־קליידל...פּעכערט אויס אַ פּאַלדן־קאַראַהאָך“, רוב, מגילת רוסלאַנד.

אויספּעל — דער. מצ נבֿ. דוחק, מאַנגל. א, פּון ברויט, פּראָוויזיע אאַזוו. „א, פּון בילדינג“. ווײַנלעז, ייִבל II. א, פּון מוט, צוטרוי אע. „די יוגנט איז אַטאַקירט געוואָרן...פּאַר א, פּון אמתע גײַסטיקע אינטערעסן“, צײַט, טמז, 1958

אויספֿעלטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿעלטשן. ← אויספֿעלשונג.

אויספֿעלטשן — טרוו פֿעלטש אויס, ~ גע.

פֿעלטשט. אוקר, פּר. דזוו אויספֿעלשן ←.

אויספֿעלן — אוטוו פֿעל אויס, ~געפֿעלט.

.

1. ניט זײַן (האָבן), ווען מע דאַרף עס; פֿילן אַז עס איז ניטאָ (מע פֿאַרמאָגט ניט). *איך וועל ניט א, = מע וועט ניט באַמערקן אַז איך בין ניטאָ. ״מער ווי טאַטע־מאַמע פֿעלן ניט אויט״, שוו. איר ◻ א, וו אַ הונט דאָט

י

פֿינפֿטע פֿיסל, ווי די (דאָס) פֿינפֿטע ראָד צום וואַגן, ווי צאָנ(קאָפּ)ווייטיק, קדחת. 2. דור־יטפּערזאָניק, אומפּ. ניט זײַן גענוג, ניט זײַן אין דער פֿולער מאָס. ״און טאָמער האָט זיי אויסגעפֿעלט, האָבן זיי... גענומען פֿון פּ ◻ יצס סטאָדאָלע״, אַש, תּהילים—ייִד. *עס פֿעלט מיר אויס פֿאָדעם = איך האָב ניט גענוג מאַטעריאַל (געדאַנקען, ווערטער). *עס פֿעלט מיר (אים) אויס צו מײַנע (זײַנע) יום־טובֿדיקע קלי ◻ דער

= איר. אַ סך מער ווי בלויז שיינע בגדים.

.

אויספֿעלן — טרוו. ← דפֿוו. אויסמײַדן, אַדורכלאָזן. ‘‘יראת־שמים איז אַ קוואַל פֿון לעבן

אויסאויספֿערדלען זיך

-

צופֿעלן זאַסלקעס פֿונעם טויט‘‘, ,,ווער עס וויל זיך אָפּהיטן קען זיי [די דערנער און זאַסלקעס] אויספֿעלן‘‘, מס, משלי, תּקע‘‘ד, יד, 27 אדן כבֿ, 5. ,,וואו ערגעץ אַ מכּה..., אַן אָנשיקעניש, אַ בייז באַגעגעניש — באַדאַרף עס זיי נישט א'‘‘, שע.

אויספֿעלן זיך — אוטוו, קזוו. פֿעל זיך אויס, זיך ~געפֿעלט. אויסמײַדן זיך, זיך ניט (קענען) באַגעגענען. ,,די סוחרישע פֿורן לויפֿן אָפּ און אויף, באַגעגענען זיך פֿעלן זיך אויס

,

און ווערן פֿאַרשוואונדן‘‘, בערג, 'צוויי וועגן,. ‘‘קענסט זיך נאָך א, מיט זיי,,, סמבֿ.

אויספֿעלע ן — דאָס (די), ־ן (־ער). דזוו אויספֿעל, אויספֿעלעניש.

אויספֿעלעניש — דאָס (די), ־ן. דאָס וואָס
פֿעלט אויס (אַ לענגערע צײַט, אין אַ
גרויסער מאָס).
אויספֿעלעדן — טרוו. ־לער אויס, ~
געפֿעלערט. 1. באַפֿרײַען פֿון פֿעלערן. א, אַ
מאַנוסקריפּט. 2. אָנמאַכן אַ סך פֿעלערן. א, בײַם
איבערשרײַבן.
אויספֿעלפּן — טרוו פֿעלפּ אויס, ~געפֿעלפּט.

באַדעקן, איבערציִען מיט פֿעלפּ, פּל(י)וש. א,
אַ קאַנאַפּע.
אויספֿעלקערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿעלקערט. באַפֿעלקערן, באַזעצן מיט אַ סך פֿאָלק.
א אַפֿריקע מיט הונדערטער מיליאָנען.

,

אויספֿעלשונג — די, ־ען. ← אויספֿעלטשונג.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿעלשן. אַ
קונציקע, מיאוסע א'.
אויספֿעלשן — טרוו פֿעלש אויס, ~
גע.
פֿעלשט. ← אויספֿעלטשן. פֿעלשן אַ צאָל (אַלע).
א, אונטערשריפֿטן, דאָקומענטן.
אויספֿענדלען — טרוו. ־דל אויס, ~
געפֿענדלט. אויספּוצן מיט פֿענדלעך. א, די

בּינ, די גאַס.
אויססענדן — טרוו. פֿענד אויס, ~געפֿענדט.
1. דזוו אויספֿאַנדן ←. 2. צונעמען זאַכן פֿון
שטובֿ פֿאַר אַ חובֿ. א, דאָס מעבל פֿאַר
דירהגעלט.
אויספֿענצטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿענצטערט. אַרײַנשטעלן פֿענצטערס. „דער
דאַך און די ווענט זײַנען פֿאַרטיק, איצט דאַרף
מען א, דאָס הויז און זיך נעמען צו דער
אינעווייניקסטער אַרבעט“, רייד. ← אויסדאַכן.
אויספֿעסטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געפֿעסטיקט. מאַכן פֿעסט(ער), שטאַרק(ער) אַ צאָל
זאַכן אָדער גרינטלעך. א, דעם פֿונדאַמענט, די
מויערן. א, דעם מוט, דעם כּוח זיך
אַקעגנצושטעלן.
אויספֿעסלען — טרוו. ־סל אויס, ~געפֿעסלט.
(כּירבּרויערײַ). אַרײַנגיסן אין פֿעסלעך. א, ביר
פֿון גרויסן קעסל.

אויססעסערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געפֿעפֿערט. 1. אַרײַנטאָן פֿעפֿער, באַשיטן מיט
פֿעפֿער (אַ צאָל שפּײַזן). א, פֿיש. 2.
אַרײַנטאָן צו פֿיל פֿעפֿער. „מע קען די פֿיש ניט עסן.
האָסט זיי אויסגעפֿעפֿערט“, רייד.

אויספֿערדלען זיך — אוטוו. ־דל זיך אויס,
זיך ~געפֿערדלט. (עפּעמעריש, שפּאַסיק).
ווערן גאָר אַ גוט פֿערדל, אויסוואַקסן צו דער
מדרגה פֿון א גוט פֿערד. „אַ פֿערדל פֿון
פֿערדנלאַנד. זינט פֿערדלעך האָבן זיך געפֿערדלט —

אויספֿערטלען

האָט זיך אַזאַ פֿערדל ניט אויסגעפֿערדלט,,, שע
[כ— ▯ .אַקטע ▯ :ען
— טרוו. ־טל אויס, ~
געא יסטיש פֿאָר שלוס־עליכמס לשון].
אויססערט
פֿערטלט. אײַנטיילן אין פֿיר (טיילן), צו פֿיר
אין אַ גרופּע. א, די הון. „מיט אַ הילצערנעם
לעפֿל אויסגעפֿערטלט און שיין אויסגעקאַרבט
די געלע פּוטער“, מעצקער, זיידנס פֿעלדער.
▯
אויססערמעווען — טרוו. ־מעווע אויס, ~
געפֿערמעוועט. באַשטעטיקן, באַשטימען. „מע
ברענגט דעם כמעלניקער רבֿ צום אָפּיציר, דעם
וואָס מ'האָט דאָ אויף דעם עסק
אויסגעפֿערמעוועט“, [חיים מאַלאַגאַ], 'גדולת ר, וואָלף',
[יפּ].

אויססערמענטירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿערמענטירן. קעלט
קען — שטערן דער א'.
אויססערמענטירן — טרוו. ־טיר אויס,
~פֿערמענטירט. מאַכן עס זאָל אינגאַנצן
דורכגיין דער פּראָצעס פֿון פֿערמענטירונג.
א, עפּלקוואַס און באַקומען עסיק.

אויססערנעצן — טרוו. ־עץ אויס ,~
געפֿערנעצט. אויסשמירן האָלצוואַרג מיט
דורכזיכטיקער, קלעפּיקער פֿליסיקייט וואָס מאָכט
גלאַט און שײַניק. א, די דילן, דאָס מעבל.

אויסראגן — אַרכ. דזוו אויספֿרעגן ←.
אויספֿראַכט(יר)ן — טרוו פֿראַכט(יר) אויס,
.
~געפֿראַכט(ירט). (סוחריש) אויסלאָדן. א,
(אַ וואַגאָן) משׂא. „די היצן האָבן מיך געבראַטן
און די פֿרעסט האָבן מיך דורכגענומען,
שטייענדיק גאַנצע מעת־לעתן אין דרויסן בײַם
אָנפֿראַכטיקן און א, אײַערע תּבֿואות", ייִל,

ספר הזכרונות, No 4, אַדעס 1883.

□

אויססראַמען — טרוו. פֿראַם אויס, ~
גע־פֿראַמט. (טאָקערײַ, סטעלמאַכערײַ)
אויסשניצן, אויסטאָקן.

□

אויססראַנדזן — טרוו. פֿראַנדז אויס, ~
געפֿראַנדזט. 1. מאַכן פֿראַנדזן ווי אַ צירונג. א,
די פֿאָרהענגלעך. 2. אויסטרעפֿען, אויסטראָגן
(אַ מלבוש), אַזוי אַז עס הענגען נאָך צויטן.
לאָקל (קאָלאָמיי, מג).

□

אויססראַנטעווען — ־טעווע אויס, ~
געפֿראַנטעוועט. אָפּט מיט ז י ך. אוטוו —
אָנהייבן פֿראַנטעווען, זיך פוצן, זיך פֿירן ווי
אַ פֿראַנט. א, מיטן נײַעם גאַרניטער. טרוו —
שטאַרק אויספוצן, וו אַ פֿראַנט. א, דעם
בּרי

-

מצווה־בּחור.

אויספֿראַנצ(עווע)ן — טרוו פֿראַנצ(עווע)

.

אויס, ~געפֿראַנצ(עווע)ט. אָנשטעקן מיט סיפֿיליס (אונטערוועלט).

אויספֿראַנקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)־פֿראַנקירט. באַצאָלן פֿאָרויס פֿאַרן איבערשיקן אַ צאָל זאַכן. א, די גאַנצע באַשטעלונג.

אויספֿראָסט(יק)ן — טרוו פֿראָסט(יק) אויס,

~געפֿראָסט(יק)ט. מאַכן זייער קאַלט. „געהאַלטן די פֿענצטער אָפֿן אין אַזאַ קעלט און אויסגעפֿראָסטיקט די דירה“, רייד.

אויספֿראַסקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס, ~געפֿראַסקעט. שטאַרק (הילכיק) אויספּאַטשן. „און אַ חשק האָט אים אָנגענומען אים אויסצופֿראַסקען“, איזבאַן, צווישן הונדערט טויערן.

אויססרוכפּערן — טרוו. ־ער אויס, ~

געפֿרוכפּערט. אויסמערן. בכּיוון, מיט אַ פּ'אַן

מאַכן עס זאָל זיך פֿרוכפּערן. א, די באַצילן.

אויססרוכפּערן זיך — אוטוו ← דפֿוו.
אויסמערן זיך. זיך מערן פֿון זיך.
אויססרומען זיך — אוטוו. פֿרום זיך אויס, זיך ~געפֿרומט. 1. ווערן פֿרום. זיך א, אויף דער עלטער. 2. מאַכן אַן אָנשטעל פֿון אַ פֿרומען. „זע נאָר, ווי יענער פֿרומט זיך דאָס אויס פֿאַר דיר. איך ווייס אַז ער איז אַ טרייפֿניאַק“.

אויססריזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)־
פֿריזירט. אָפּט מיט ז י ך. 1. מאַכן אַ
פֿריזור. א, די האָר. 2. פֿאַרענדיקן פֿריזירן.
3. אויסשערן האָר (פֿון האַלדז, פֿון אונטער
רעמס).
די
אויססריידיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געפֿריידיקט. נעאָל. אויסדריקן עפּעס מיט (דורך)
פֿרייד. „דאָס לעבן פֿריידיקט אויס אַ געפֿרייד
צו דער וועלט“, א. ניסענזאָן, דאָס לעבן
ינגט..., 1943.

אויססרייען — אַקוזוו. פֿריי אויס, ~
געפֿרייט. אַרויסווײַזן, אויסדריקן פֿרייד. אוקר.
איבערלעבן פֿרייד. „זי האָט דאָך מורא
געהאַט צו פֿרייען זיך מיט דעם פֿולן
באַוואוסטזײַן. מורא געהאַט אויסצופֿרייען די
פֿרייד, ביז צום ברעג“, ראַבאָי, אייגענע ערד.
אויספֿרייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1
פֿריי.
ען זיך און אויפֿהערן. „נו, זיך שוין

אויסגעפֿרייט מיט די יום־טובֿדיקע מלבֿושים, איצט דאַרף מען זיי פֿאַרזעצן". 2 פֿול, אינגאַנצן —
.
איבֿערלעבֿן פֿרייד. „צוציק דער הונט — אים פֿרייט זיך אויס דאָס האַרץ פֿילט אויך אַז
,
הײַנט איז יום־טדבֿ", ממוס, שלמה.

אויססרײַערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געפֿרײַערט. אויסנאַרן, אויסזשוליקן. א, אַ פֿינפֿערל, ס'לעצטע.
אויספֿרילינגען — אוטוו. ־לינג אויס, ~ געפֿרילינגט. נעאָל. מיטאַמאָל ווײַזן (געבֿן סימנים) אַז עס איז דאָ (קומט) פֿרילינג. „עס האָט אויסגעפֿרילינגט און וואַרעמע ווינטעלעך האָבֿן גענומען בלאָזן". „אויף כמורנע פּנימער פֿרילינגט אויס אַ שמייכל".
אויספֿריצן פֿריצקעווען — טרוו.
~ ,
פֿריצ(קעווע) אויס, ~געפֿריצ(קעווע)ט. ס'רובֿ מיט ז י ך. אויספּוצן אויף אַן איבֿער

געטריבענעם אופֿן. זיך א, מיט לאַנגע אויערינגלעך
און אין אַ הוט מיט פֿעדערן.

אויסריצעווען — טרוו. ־צעווע אויס, ~
געפֿריצעוועט. אויסנאַרן. א, פֿון עמעצן די
קלינגערס.

אויסרירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿירן. מע פֿירט דורך אַן
א, כּדי מע זאָל ניט שפּירן קיין ווייטיק.

-

אויסרירן —אוטוו. פֿריר אויס, בין & האָב
~געפֿראָרן [לד], ~געפֿרוירן. [אין לד
אַרויסגערעדט: פֿריִערן]. 1 פֿאַרפֿרוירן ווערן, ווערן
.
אויס פֿליסיקייט. דאָס גאַנצע וואַסער פֿרירט
אויס. 2. (האַלטן בײַם) אומקומען איבער
קעלט. די בליטן פֿרירן אויס. „ס'איז געווען

אַזאַ קאַלטערווינטער אַז די פֿייגעלעך זײַנען
אויסגעפֿראָרן,,.. 3. אינגאַנצן פֿאַרלירן
פֿריִערדיקע וואַרעמקייט, בֿר ן (גײַסטיקן זינען).
דער אידעאַליזם פֿרירט אויס. ,,...איז זיכער
אַז ער האָט גאָטס וואָרט, ווען אינעווייניק אין

--

אויספֿרעגן

קדשי־קדשים איז שוין לאַנג אַלץ
אויסגעפֿרוירן'', אָפּאַ, טענצערין.
אויספֿרירן — טרוו. ← דפֿוו. 1. בֿרענגען
צו פֿארפֿרארנקייט. א, וואַסער. א אַ וואונד.
,

„דער פֿאַס וואַסער...ווערט בײַם ערשטן
פֿרעסטל אויסגעפֿראָרן'', נאַד. 2. אויסבֿאַפֿרײַען,
אָפּשאַפֿן דורך לאָזן פֿרירן, מיט דער הילף
פֿון פֿראָסט. א, די וואַנצן. ,,דער ווינטער האָט
ניט אויסגעפֿרוירן דעם חלשות־ריח, פֿון
וועלכן הינט אַנטלויפֿן'', אָפּאַ, 'פֿערד־שינדער'.
3. דזוו בֿ2, נאָר פֿיג. ,,ווי ס'פֿאַלט אין אַ
מײַ־טאָג אַ שניי אויפֿן צוויט, האָסטו פֿון דײַן

קבֿר מײַן לוסט אויסגעפֿראָרן“, חג, פּליטים.
4. מאַכן פֿירן אַ צאָל (אַלע). א, די פּאַסאַזשירן. 5. פֿאַרטרײַבן עמעצן מיט קאַלטער (שלעכטער) באַציאונג. „לאָמיר ניט ריידן צו אים, לאָמיר אים א, פֿון דאַנעט„, רייד.
6. אויסטריקענען. „דער כּעס אין אים האָט אויסגעפֿראָרן די טרערן„, חג, די ישיבֿה.

□

אויססירעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקע, שטאַרקע) אויספֿירונג ־רעכץ.

.

אויספֿירער — דער, ־ס. 1. מיטל אויסצופֿירן פֿאַראַן פֿאַרשיידענע כעמישע א'ס„..
. ”
2. מכשיר אויסצופֿירן.

□

אויססרישן — טרוו. פֿריש אויס, ~געפֿרישט. מאַכן (עס זאָל אויסזען) פֿריש(ער). באַגיסן די גרינסן און זיי א'.
אויספֿרעג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון

אויספֿרעגן. 2. פֿאַרהער, אויספֿאָרשונג, עקזאַמען. „יעדער א, זײַנער און איבערפֿרעג פֿון אַן עדות“, ביקל, טמז, 1954 ׳ 14.

אויספֿרעגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿרעגן.

אויספֿרעגן — ־ טרוו. פֿרעג אויס, ~געפֿרעגט.
1. פֿרעגן וועגן אַ צאָל ענינים אָדער (און) בײַ אַ צאָל מענטשן. „ער איז צו ווײַסן בורק גיוועזן און, אויש גיפֿאָרן אויש צו פֿרעגן וואו פּולנישה שׂרים שבֿויים זיין“, שו״ת ב״ח, פּפּמ 1797 [הש I]. „מע הייבט מיך אָן א', ווער איך בין פֿון וואַנען, וואָס איז מײַן פּרנסה“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „כ'האָב אַלע בעטלער אויסגעפֿרעגט אומזיסט, מיט טרערן אין די אויגן, וואו דו ביסט“, יהואָש, 'געווויסהייט'.
2. שטעלן אַ סך פֿראַגעס כּדי צו דערגיין

פּרטים. „וואַש דוא ווישן מאגשט, טוט דיר קיין שאדין אַז דוא רעכט ויש פּראגשט“, עיון, 16/1. „...האָט אים אויסגעפֿרעגט אויף די מנהגים פֿון די לײַט און אויף זייער דת“, חה, 270. “הערשעלע האָט זיך זאַט ניט געקענט אָנריידן, אויסגעפֿרעגט אויף איטלעכס פּיצעלע אין דער היים“, ממוס, ווינטשפֿ.

3. אויספֿאָרשן (דורך אַ פֿאָרשטייער פֿון מאַכט, געריכט). „דער ליטנאַן קרימנעל...האָט זיא אויז גיפֿרעגט, האָט זי משיבֿ גיוועזין וויא זיא געזעהן העט...“, „כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669, [פּש III]. “האָט מיך ווידר דער טראשגאל לאשן צו זיך פֿאדרן אונ, מיך אויס גיפֿראגט וויא מיין ענין איז אונ, ווארום איך תּפֿוס בין“, גה, 388.

4. פֿרעגן צו דערגיין וואָס מע קען, עקזאַמענירן. א, פֿון דער גאַנצער סדרה, מסכתּא. א, געשיכטע פֿון מיטלעלטער.

-

אויספרעגן זיך

אויספֿרעגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. סתּם, אָן באַזונדערן ציל, אויספֿרעגן. „נעמט זי אים

אויף טאַקע...ווי אַן אייגענעם מיט א, זיך
אויף איטלעכן פֿון דער משפּחה באַזונדער", ממוס, שלמה. 2. קזוו — אויספֿרעגן איינער
בײַם צווייטן. „מען איז פּלוצלינג געוואָרן
שטאַרקע מחותּנים, מע פֿרעגט זיך אויס פֿון
די געשעפֿטן", ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'.

אויססרעגעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויספֿרעג, אויספֿרעגונג. אויך איר. „נאָך די אַלע
א'ן דאַרפֿסטו צורופֿן די ייִדענע צו זיך
טאַקע", דלוגאַטש, וועלט־מסורה, 1881.
אויססרעגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער אויספֿרעג פֿאַרהער פֿאַר מיר איז
. . . "
גענוג וואָס מע שלעפּט מיך אויף א, אין דער
זשאַנדאַרמעריע", בערג, בײַם דניעפּער I.

-

אויססרעגער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויספֿרעגן. דער
א, פֿון געריכט. א, אויף טעלעוויזיע. ספּעצ
ייִנגל וואָס העלפֿט זײַן חבֿר בײַ דער
צערעמאָניע פֿון חומש־סעודה, בײַ דער שׂמחה פֿון
אָנהייבן לערנען חומש. פֿרגל אויסשרײַער.

„דאָס ייִנגל האָט באַדאַרפֿט אַ □ 4 וואָכן כסדר
חזרן מיט אים אינאיינעם, דאָס האָט געהייסן
דער א'“, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי,
קעשענעוו תּרצ“ד. „דער א, האָט געדאַרפֿט מיט
מיר פֿירן אַ גאַנצן דיאַלאָג, וועלכן [דער מלמד]
האָט אויסגעלערנט...האָט מען מיך
אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ בענקל, און אַ צווייט ייִנגל
האָט מען אַרויפֿגעשטעלט אויף אַן אַנדער
בענקל...עס האָט זיך אָנגעהויבן דער...דיאַלאָג
וואָס זײַן אָנגענומענער נוסח גייט שוין זינט
הונדערטער יאָרן בײַ ייִדן אין פּוילן. —
— ייִנגעלע, ייִנגעלע, וואָס לערנסטו? — ויקרא. —

□

וואָס טײַטש(ט) ויקרא? — ער האָט גערופֿן.
— ווער האָט גערופֿן? — גאָט האָט גערופֿן
צו משה רבינו. — וואו האָט גאָט גערופֿן צו
משה רבינו? — בײַ דער טיר פֿון אוהל
מועד...“, ייִט, פּוילן II.
אויספֿרעגעריי — דאָס & די, ־ען. אַרבעט,
-
טואונג פֿון אויספֿרעגער.
אויספֿרעגעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויספֿרעגער פֿאָרשעריש,

נאָכזוכעריש.

אויספֿרעכפּערן זיך — ־פּער (זיך) אויס, (זיך) ~געפֿרעכפּערט. דזוו אויספֿרוכפּערן (זיך) ←.

אויספֿרעכפּערן זיך — אוטוו. ־פּער זיך אויס, זיך ~געפֿרעכפּערט. אוקר (וואָלין). זיך אַרויסשטעלן מיט חוצפּה, גבֿורה, בראַווקייט. ,,ער פֿרעכפּערט זיך נאָר אויס, אָבער כּוח האָט ער וו אַ פֿליג“.

אויספֿרעמדן זיך — אוטוו פֿרעמד זיך אויס, זיך ~געפֿרעמדט. 1. ווערן ווי אַ פֿרעמדער, אָפּזונדערן זיך. ,,ער איז אונדזערס אַ געשוועסטערקינד, אָבער ער האָט זיך אויסגעפֿרעמדט און האָט ניט קיין עסקים מיט אונדז“, רייד. 2. אויפֿהערן זײַן אַ פֿרעמדער. ,,ביסט בײַ אונדז שוין גענוג לאַנג, מעגסט זיך שוין א'“.

אויספֿרענ(ד)זלען — טרוו. פֿרענ(ד)זל אויס, ~געפֿרענ(ד)זלט. דזוו אויספֿראַנדזן. “נעמען מיר די טאָוולען בלעך, מיט אַ האַמער, מיט

אַ שער... בײַ די רינוועס שערט מען פֿײַן,
לעכלען דורך, פֿרענזלען אויס אַקסל־רינוועס
בײַ דעם הויז", קון, רינג אין רינג.

▯

אויססרעסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויספֿרעסן. לאָך, פּגימה. „אַ
זײַערס האָט געמאַכט א'ען אויפֿן מעטאַל".
אויססרעסן — טרוו. פֿרעס אויס, ~געפֿרעסן.
1. פֿרעסן אַ סך (אַלץ). פֿאַרענדיקן פֿרעסן.
א, הינער און גענדז. „אינוועענדיג פֿרעסט דער
ווארם דען מאהן אויש אונ בלייבט אין דער
שאַל זיצן אלז איין בעל־הבית אין זיין הויז",
עיון, 1/71. 2. אויסזויגן, אויסעסן;
אַרויסקריגן. *א, דאָס האַרץ (די גאַל) = פֿאַרשאַפֿן
אַ סך ווייטיק, קלעמעניש. 3. אויסעסן אַ
לאָך, באַזונדערע טיילן. מאָטן קענען נאָך א,
די וואָלענע קליידער. 4. צעלעכערן מיט
כעמישע שטאָפֿן. „איין טראָפּן זײַערס וועט
א אַ גרויסע לאָך".

-

,
אויססרעסעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, שטאַרקע) אויספּרעסונג. אַן א, אין (פֿון) האַרץ.
אויססרעסער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פּרעסט אויס. „געוויסע אינזעקטן
זײַנען א'ס, זיי לאָזן קיין זאַך ניט איבער“.
אויספּרעסעריי — דאָס & די, ־ען. טואונג
-
פֿון אויספּרעסער.
אויספּרעסעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויספּרעסער.
אויסצ־ — די ווערטער וואָס מע
גע ינט ניט מיט אויסצ— זוכן אויסטש ,
-

למשל: „אויסצאָבענען“ — ← אויסטשאָבען;
„אויסצאַדענען“ — ← אויסטשאַדען; „
אויסצאַכצענען“ — ← אויסטשאַכטשען אאַזוו.
אויסצאָל — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסצאָלן.
סומע וואָס ווערט אויסגעצאָלט. א'־געשעפֿט —
וואו מע קויפֿט אויף אויסצאָל.

אויסצאָלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסצאָלן. גלײַכמאָסיקע א'.
אויסצאָלן — טרוו. צאָל אויס, ~געצאָלט.
1. בּאַצאָלן חובֿ ראַטעסווײַז, אין
אײַנגעשטעלטע טערמינען. געבּן, לײַען, פֿאַרקויפֿן אויף
אויסצוצאָלן. „די ייִדן וואָס ווילן ווערן
ערדאַרבּעטער וועט די רעגירונג מיטהעלפֿן מיט
געלט אויף אויסצוצאָלן„, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. „און ס'איז געוואָרן אַ מאָדע אויף
פֿאַרטיקע קליידער און נאָך אויף א, דערצו“, שע,
אָרעמע און פֿריילעכע 2 .II. אינגאַנצן
בּאַצאָלן וואָס מע דאַרף, וויפֿל מע קומט. א, מיט
גאָלדענע רענדלעך. *א, אַחת ואחת = איינס
נאָך איינס. „ער זאָל למע“ה פֿאַרזאָגן...זײַנע
קינדער דאָס זיי זאָלן א, זײַנע חובֿות פֿון דער
ירושה“, אור עולם, ח“א נעתּק ע„י ר, י״)ראָל
ממינסק, ווילנע 1865. 3. בּאַצאָלן אַ צאָל
(אַלע) פֿון א גרופּע. א, די אַרבּעטער די
וועכנטלעכע שׂכירות. 4. אָפּענטפֿערן מיט בּייזקייט;
אויסזידלען. א, מיט טענות, קללות.
אויסצאָלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אויסקויפֿן זיך, פֿאַרגיטיקן פֿאַר אַ טובֿה. *ניט
קענען זיך א, = ניט קענען זיך פֿאַרענטפֿערן,
זיך אויסגלײַכן. *וועסט זיך פֿון אים (איר, זיי)

ניט א, = ער וועט תּמיד האַלטן אַז דו האָסט
ניט אַפּגעשאצט זײַן גרויסע טובֿה. ,,טאָמער
איז יענער איין מאָל אויפֿן לעבן געזעסן אין

אויסצאַפּן

.

טורמע... האָט מען זיך פֿאַר אים אַלע יאָרן
ניט געקענט א',,, מ. סײַטש, אַרוס דער
פֿאַבריק. 2. זיך לוינען. דורך הכנסה פֿון
אונטערנעמונג אויסצאָלן חובֿות פֿון אײַנשטעלן,
קויפֿן זי. ,,די אַפּטייק האָט זיך אים שוין
לאַנג אויסגעצאָלט", שע, אין שטורעם. *ניט
קענען זיך א, מיט די בעבעכעס = א)
אַרײַנפֿאַלן מיט אַ געשעפֿט, בּ) ← בּ1.
אויסצאָלעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויס.
צאָל(ונג), פּעיאָ, איר. קליינע אויסצאָלונג.
אויסצאָלעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקע אויסצאָלונג. אַן א, וואָס ציט זיך שוין יאָרן.
אויסצאָלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס צאָלט אויס. אַ גוטער, פּינקטלעכער
א'.
אויסצאָלערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג

פֿון אויסצאָלער. „איך בין אַרומגעגאַנגען אַ
האַלבּ יאָר אָן אַרבּעט און איצט, ווען איך
אַרבּעט שוין פֿאַרנעם איך זיך כּסדר מיט א'“, ריי]־.

,

אויסצאָלעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ אַ
(גוטן) אויסצאָלער. וואָס רעכנט זיך אָפּ (פֿאַר
אַן עוולה).

אויסצאָלערישקייט — די (דאָס). מצ נ□ □.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסצאָלעריש.

אויסצאַמונג — די, ־ען. לד, מיי. דזוו
אויסצוימונג ←.

אויסצאַמען — טרוו. צאַם אויס, ~געצאַמט.
לד, מיי. דזוו אויסצוימען ←.

אויסצאָנעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געצאָנעוועט. (סטאָליערײַ) גלײַך מאַכן אַ בלאַט
פֿון אַ טיש (טיר אאַ) מיט אַ צאָנהובל. „ווען
עס האָט זיך אויסגעטריקנט — צוריכטעווען,
אויבּ עס איז אַרויס קרום — א, און
באַקלייענען מיט נייטיקן פֿאַניר„, בער.

אויסצאַנק — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסצאַנקען. דער לעצטער א, לעשט זיך שוין.

אויסצאַנקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסצאַנקען. פּאַמעלעכע א'.

אויסצאַנקען — צאַנק אויס, ~געצאַנקט.

אוטוו — ווערן אינגאַנצן אויסגעלאָשן נאָך
צאַנקען. די האָפֿענונג צאַנקט אויס. „די
חנוכּהליכט האָבן נאָר וואָס אויסגעצאַנקט“, פּר־ץ,
אַ יונגן שרײַבערס חנוכּה'. טרוו — עפּעס
,
אויסדריקן מיט איבערלעבונגען וואָס
דערמאָנען אין צאַנקען פֿון אַ ליכט. א, די לעצטע
טדייסט.
אויסצאַנקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסצאַנקען.
אויסצאָפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסצאַפּן. בלוט־א'.
אויסצאַפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געצאַפּלט.
אַרויסברענגען, אויסדריקן עפּעס צאַפּלענדיק.
א, די לעצטע פּאָר ווערטער.
אויסצאַפּלען זיך — אוטוו. ־פּל זיך אויס,
זיך ~געצאַפּלט. טרייסלען זיך און
אויפֿהערן. “דער געקוילעטער האָן האַלט שוין
בײַם א, זיך“.
אויסצאַפּלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסצאַפּלען (זיך).
אויסצאַפּן — טרוו. צאַפּ אויס, ~געצאַפּט.
1. (אויפֿדרייען קראַן און) מאַכן אויסרינען
פֿליסיקייט. א, וואַסער פֿון פֿעסל. 2.

קריגן בּיז דאָס לעצטע. א, געלט. א, כּוחות.
,,מע האָט צוגענומען, אויסגעצאַפּט...בּיז דער
לעצטער פּרוטה...נישט געלאָזט אַפֿילו אַ
סימן'', שע, דאָס גרויסע געווינס. 3.
אויסזייגן, אויסנאָגן. א, דאָס בלוט (פֿון אונטער
די נעגל). ,,מעג פּרעה ווילדעווען, רויבן און
מאָרדן און א, דאָס בלוט פֿון ישׂראל, דער
גאָט פֿון משפּט וועט קומען,,, אַש, משה. ,,...די
טאַקסעלע וועלכע צאַפּט אַזוי אויס זייער מאַרך
פֿון די ביינער,,, יצחק הכּנורי, נאָר איין טאָג
אמת, אַדעס 1887.
אויסצאַפּעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסצאַפּן.
אויסצאַצקעווען, ~צאַצקע(נע)ן —
טרוו. צאַצקע(ווע) אויס, ~געצאַצקע(ווע)ט.
1 פֿאַרענדיקן צאַצקען. א, דאָס לעצטע שטיקל
.
אַרבעט. 2 פֿאַרטיק מאַכן עפּעס,
אָפּגעבן
דיק אַ סך צייט, מי. א, אַ פּאָר שטיוול, אַ
מלבוש. 3. אויספּוצן, אויסצירן. א, מיט

שניצערײַען, מיט פֿיגורן. א, מיט סטענגעס, שלײַפֿעלעך אע. 4. מאַכן (אויסאַרבעטן) אויף אַ קינסטלערישן אופֿן. א, שניצערײַען, פֿיגורן. „ער האָט גערופֿן צו זיך דעם פּרוש...און אים געבעטן, ער זאָל אים עפּעס א, אַ מודעהלע“, אר, „דער פֿרומער שנײַדער'.

אויסצאַצקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצאַצקען.

אויסצאַקן — טרוו. צאַק אויס, ~געצאַקט. אויסשנײַדן עס זאָל זײַן אַזוי ווי מיט ציינדלעך. אויסשנײַדן הערצעלעך פֿון פּאַפּיר און זיי א,.

אויסצאַראַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~ געצאַראַפּעט. רוסיצ. דזוו אויסקראַצן. א, די אויגן. „איין מאָל האָט ער אַ קליין קינד שיִער די אויגן אויסגעצאַראַפּעט“, ייִפֿאָל, 7 1887, No.

אויסצאָר(ע)נען — צאָרן אויס, ~געצאָרנט. פּר, מעג: ~צאַרענען. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסווײַזן צאָרן. „און גאָט האָט אויסגעצאָרנט אויף די שׂונאים פֿון ישׂראל“. טרוו — אַרײַנבּרענגען אין צאָרן. א, גאָט מיט שלעכטס.

אויסצאָר(ע)נען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זײַן אין צאָרן און זיך בּאַרואיקן. „נאָכן הייסן

שמײַסן די פּאַראָבקעס האָט דער פּריץ זיך
אויסגעצאָרנט,..
אויסצבֿועטשען, ~צבֿו(י)אַקעווען —
[...צוואואַ...] טרוו. ־טשע, (־קעווע) אויס, ~
געצבֿועטשעט, ~צבֿו(י)אַקעוועט. אַרויסקריגן
עפּעס דורך פֿאַלשקייט, היפּאָקריטיש. א, אַ
פּאַרטיי־בילעט, אַ רעקאָמענדאַציע.
אויסצוג — דער, ־ן. 1. טייל, אַרויסגענומען
פֿון עפּעס וואָס איז געשריבן אָדער גערעדט
געוואָרן. א, פֿון וואַל־רעדע. ,,זיי זאָלן
אויפמערקזאַם זײַן אויף דעם א, פֿון די געזעצן
וואָס שטייען דאָ אויסגערעכנט“, קמ, 1865,
No 48. געבן לענגערן א, פֿון עסיי. אַן א,
פֿון בודזשעט, חשבונות.
2. איבערדרוק, קאָפּיע. stב טו/ב: “העתקה
— אויש צוק“. 3. סמעטע. ל2. 4. אָרט
פֿון וואַנען מע קריגט עפּעס. אַרכ. מלל,
בערלין, 1760, פֿאַרטײַטשט ,ומוצא הסוסים,
(מלכיט א, י, 28): ,,דער אדיש צוק“ [תּי:
אַרויסקום].

אויסצוגטיש — דער, ־ן. קאָלאָמיי, מג. טיש

צום אויסציִען, וואָס לאָזט זיך גרעסער מאַכן (מיט אַרײַנגעשטעלטע בּרעטער).

אויסצודרייען — אין דער פֿראַזע: מאַכן א,. ← אויסדרייען.

אויסצוואָג — דער. אַקט פֿון אויסצוואָגן. גאָכ, פּאָרציע, חלק. קריגן דעם אמתן א'.

אויסצוואָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצוואָגן.

אויסצוואָגן — טרוו. צוואָג אויס, ~געצוואָגן.
1. אויסוואַשן האָר (מיט זייף). א, די האָר. א, דאָס קינד. „גיי איך צו דער פּליטע און זע, עס זאָל זיך גיכער אָנוואַרעמען דאָס וואַסער, איך זאָל א, די צוויי קליינע חבֿרה", יר I. *א, מיט בּיבּעלע־יויך = א, און שטײַף אָנציִען די האָר. לאָקל (צויזמער). 2. אויסזידלען; געבּן, דערלאַנגען אַ חלק. „גרייט זיך נאָר אָקערשט, מײַן ליבּער! איך וועל דיך שוין גוט א'", פֿרוג I, 'אַ וויכּוח'. „האָט ער אים דערלאַנגט, האָט ער אים אויסגעצוואָגן!", רייד.

אויסצוואָגעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויסצוואָג(ונג). זידלערײַ.

אויסצוואָגעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקע, דורכויסיקע) אויסצרואָגונג.

אויסצוואָגער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס זידלט שטאַרק אָן, דערלאַנגט דעם אמתן חלק.
אויסצוואָגערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט, טואונג פֿון אויסצוואָגן פֿון אויסצוואָגער.

,

אויסצוויט(ע)ן — צוויט(ע) אויס, ~ געצוויט(עט). אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן בליִען, צוויט(ע)ן. „איין ביסעלע זון — און די ביימער האָבן שוין אויסגעצוויט!“ טרוו — מאַכן עס זאָל צוויט(ע)ן. „די פֿרילינג־זון האָט אויסגעצוויט די ביימער“.
אויסצוויטערן, ~צוויטשע(ר)ן — ־ער, ־טשע אויס; ~געצוויטערט, ~צוויטשע(ר)ט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן אָדער אויפֿהערן אַרויסגעבן קלאַנגען צווי־צווי (פֿייגל). טרוו — דורך קלאַנגען, ענלעכע צו צווי־צווי (ווי אַ פֿויגל), עפּעס אויסדריקן. „פֿייגעלעך צוויטערן אויס זייער תּפֿילה“. „...האָט די שוואַלב אויסגעצוויטשערט...איר שוואַלבן־נקמה„, סוצ, אין פֿײַער־וואָגן.
אויסצווייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצווייען (זיך). א, פֿון אַ קעמערל. פֿאַרמערונג דורך א'.

אויסצווײַג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסצווײַגן
(זיך). (לענגערער, ווײַטערער) אָפּצווײַג. א, פֿון
אַ באַוועגונג.
אויסצווייגונג — די, ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסצווײַגן (זיך). אויסצווײַג. א,
פֿון אַן אידיי(ע).
אויסצווײַגן — טרוו. צווײַג אויס, ~
געצווײַגט. 1. אַראָפּהאַקן צווײַגן. 2.
אינגאַנצן אָפּרייניקן די צווײַגן פֿון פּירות. [בּ 1 & 2
אוצר השרשים, בּארדיטשעוו, 1891, חלק בּ,
53]. 3. אויסבּרייטערן, שאַפֿן אָפּטיילונגען.
א, א פּירמע, אַ באַוועגונג.
אויסצווייגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קריגן
--
מער צווײַגן. זיך פֿונאַנדערשפּרייטן, זיך
אויסבּרייטערן, קריגן אָפּטיילונגען. ,,זע ווי דער

אויסצוקן

בּוים איז גיך אויסגעוואַקסן און האָט זיך
אויסגעצווײַגט". די באַוועגונג צווײַגט זיו אויס.
אויסצווייען — טרוו. צוויי אויס, ~געצווייט.

נעאָל. אײַנטײלן אין צוויי טײלן, חלקים.
אויסשטעלן צו צוויי. א, אַ ריי.
אויסצווייען זיך — אוטוו. ← דפּוו. ווערן
צוויי (פֿון אײנס); זיך שפּאַלטן אויף צוויי; זיך
צעצווייען. אויפֿכאַפּן מיט אַ מיקראָסקאָפּ ווי
מיקראָבן צווייען זיך אויס.
אויסצווינגען — טרוו. ־נג אויס, ~
געצוואונגען. צווינגען אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע;
אַרויפֿצווינגען אַ צאָל זאַכן (טואונגען);
צווינגען ביז מע דערגרײכט. א, אַלעמען זיך צו
דערנידעריקן.
אויסצווינגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסצווינגען.
אויסצוויקלען — טרוו. ־קל אויס, ~
געצוויקלט. 1. אַרײַנשטעלן קלינעס פֿרײַער
(ברייטער) צו מאַכן. א, (אונטער) די פּאַכוועס.
2. אויספּוצן, אויסצאַצקען מיט אַרויפֿגעשטעל־
טע (אַרײַנגעשטעלטע) באַצירונגען. א, אַ
פֿישעלע אויפֿן פֿלאָדן; א, דעם פֿלאָדן מיט אַ
פֿישעלע. 3. דזוו אויסצוויקן ←.
אויסצוויקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצוויקלען.
אויסצוויקן — טרוו. צוויק אויס, ~געצוויקט.
1. אויסרײַסן, אויסצופּן, אויסקנײַפּן. א, אַ

שטיק פֿלייש. א, צויטן. 2. אויסשנײַדן שמאָלן פּאַס שטאָף. א, אין אַ פּאָר ערטער דעם אַרבל און אויסשמעלן אים.

אויסצוועקן — טרוו. צוועק אויס, ~ געצוועקט. האָבן אַ כּוונה, ציל. „איך ווייס ניט וואָס ער צוועקט אויס מיט אַזעלכע רייד„, דייד.

אויסצויבערן — טרוו. ־בער אויס, ~ געצויבערט. אויסכּישופֿן. א, גאָלדענע כּלים אויפֿן טיש. א אַ וואונדערלעכע מעלאָדיע.

אויסצויטן — טרוו. צויט אויס, ~געצויט. 1. אויסקויטיקן, אויסבּרודיקן. 2. מאַכן צויטן. א, אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ שערעלע. 3. אויסרײַסן. א, די האָר.

אויסצוימונג — די, ־ען. אויך: ~צאַמונג, ~צאָמונג. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצוימען.

אויסצוימען — טרוו. צוים אויס, ~גע צוימט. אויך: ~צאַמען, ~צאָמען. 1. מאַכן אַ צוים, פֿאַרקאַן אַרום אַ צאָל פּלעצער. א, די פֿעלדער. 2. אינגאַנצן, אַרום און אַרום מאַכן אַ צוים. א, דעם גאָרטן. *א, אַ קבֿר = (שטעלן אַ מצבֿה און) אַרומצוימען

דעם קבֿר.

אויסצופּן — טרוו. צופּ אויס, ~געצופּט. אַ שלעפּ טאָן און אויסרײַסן; אויספֿליקן. א, (זיך) די האָר פֿון קאָפּ. ”די רביצין האָט געזען אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן נישט אַרויס, פֿלעגט זי אים טאָגטעגלעך דאָס בערדל א“‏, פּרץ, 'דאָס שטרײַמל'.

אויסצופּעניש — דאַס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסצופּן. אויך: ־פּעכ□ן.

אויסצוקן — טרוו. צוק אויס, ~געצוקט. 1. אַרויסשלעפּן, אַרויסכאַפּן. ”ער זאָל ווידר געבן אלי דיא גזילות אונ אַל די גניבֿות... אונ די פֿאַרצוקן דיא ער איינט אויש גיצוקט

אויסצוקעניש

האָט“, לט 1, 32/□ □ □ דערנאָכדעם האָט ער אָנ□ געהויבן א, פֿון □ □ □ □ עפּעס האַלבע ווערטער“, מ. דאַווידזאָן, דער ליעווער רבי. 2. פֿאַרצוקן אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. „דער וואָלף האָט איינציקווײַז אויסגעצוקט די שעפֿעלעך„. 3. אויסציקלען ←. א, שיינע אותיות. 4. אַרכ. אויסרײַסן. „...איר איטליכר איר פֿעדרן אויז

צוקט“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ, 1686.
אויסצוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסצוקן.
אויסצוקערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצוקערן.
אויסצוקערן — טרוו. ־קער אויס, ~ געצוקערט. 1. באַשיטן מיט צוקער, אַרײַנשיטן צוקער ווי געהעריק (אָדער מער ווי מע דאַרף). „אים געפֿעלט נישט, ווען איך צוקער אויס פּיש“, רייד. 2. אײַנצוקערן און (אַוועק־ שטעלן אַ צאָל פֿלעשער, סלאָיען (מיט יאַגדעס, פּירות). א, מאַלינעס און בלויע יאַגדעס; א, קאַרשן. 3. פֿאַרצוקערן, גיך און גוט פֿאַרקויפֿן. א אַלע פּײַפֿלעך און טרובעלעך.

אויסצהק(נ)ען — [...צאַכקע(נע)ן] טרוו. צחקן, צחקע אויס; ~געצחקנט, ~חקעט. 1. אויסשפּילן (שפּאַסיקע סצענקעס). 2. שפּילן בעסער און געווינען (אין קאָרטן). א, דעם פּרעפֿעראַנס. [אויך:...צכאָקען.]
אויסצהקער — [...צאַכקער] אויסלאַכער, אָפּלאַכער. לץ. [...צכאָקער] געווינער אין קאָרטן.
אויסצי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסציִען (זיך). א, פֿון לאָטעריע. „זע נאָר דעם א,

זײַנעם, ווען ער גיט אָפּ טשעסט! [=
סאַלוטירט],,, רייד. ,,...יעדן א, פֿון מײַן ביינערדיקן
גוף“, הל, לידער.
אויסציאונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסציִען. לויט א, פֿון שטריק
מעסט מען די כּוחות. 2. אויסברייטערונג,
פֿונאַנדערוויקלונג. ,,און די זאַך איז מיר שווער
צו פֿאַרשטיין, און דאָס א, פֿון די צוויי ענינים,
כּלומר צו פֿאַרענטפֿערן דאָס וואָס די פּסוקים
זענען ווידעראַנאַנד...“, חה, 261.
אויסצי־בלאַט — דאָס (די), ־בלעטער. ברעט
אָדער עטלעכע צונויפֿגעקלאַפּטע (געקלעפּטע)
ברעטער וואָס מע שטעלט אַרײַן אין אַ טיש,
עס גרעסער צו מאַכן. בער.
אויסציבערן — ־בער אויס, ~געציבערט.
אוקר. דזוו אויסצעבערן ←.
אויסציגײַנערן — טרוו. ־נער אויס, ~
געציגײַנערט. אויסדינגען, אויסנאַרן.
אַרויסקריגן מיט אַ שווינדל. ,,[ער] איז געווען אַן
אויפֿטוער אויף אײַנצושאַפֿן בראַנפֿן...ער
האָט עס אויסגעציגײַנערט בײַם מאַגאַזינער פֿון
שטאַב“, מאַן, בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע.
אויסציגן — טרוו. ציג אויס, ~געצויגן. אַרכ.
דזוו אויסציִען ←. ,,גאָט וועט דיך אויש ציגין

פֿון אלים בּיזין“,)ה II.

אײסציװיליזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~ ציװיליזירט. מאַכן מער ציװיליזירט. א, די אַרטיקע בּאַפֿעלקערונג און אויסלערנען... „די װעלט איז שוין אויסציװיליזירט, אויסגעבּילדעט און גוט אײַנגעאַרדנט“, אמד, דעך אונצײַטיגעך בּעזוך, װילנע 1878 [דאָ — פּאַר, אַדי].

329

אויסציטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע) ציטירט. ציטירן אַ צאָל (אַלע) שטעלן, מײנונגען אע. א אַלע נײטיקע מקורים.

,

אויסציטערן — ־טער װיס, ~געציטערט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהײבּן ציטערן. „בּײַ די װערטער האָבּן זײַנע הענט אויסגעציטערט און דאָס װאַסער האָט זיך אויסגעגאָסן„, רײד. „װי ער זעט דעם מלמד, ציטערן אים זײַנע גלידער אויס“, בּנימין־זאבֿ ראַבּינאָװיטש, משפּט פֿון אַ שילער מיט אַ קלויזניק, װילנע 1877. 2. אויפֿהערן ציטערן. „האָט זי לאַנג געװאַרט מיט איר ענטפֿער, בּיז דער סאַמעט־װײכער

נאָכקלאַנג פֿון זײַן קול װעט אײנגאַנצן א',
עלעהיי ער װאָלט געװען אַן אַלטער
װאַנטזייגער", הג, ישיבֿה.
טרון — דורך ציטערן אויסדריקן
איבערלעבונג, געפֿיל. א, פֿרייד, שרעק. „געװען איז
זי — געוויטער; האָט זי דער װינט
אַוועקגעװייט, זי זאָל פֿון איר בליץ דעם ציטער א,
ערגעץ אַנדערשװאו...„, צײַט, געזאַמלטע
לידער I.
אויסציטערניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסציטערן.
אויסצײַג — דער, ־ן. אויסנעם, יוצא־מן־הכּלל
[הורוויץ, ספֿר המלים, אַדעס 1903].
אויסצײַגן — טרוו. צײַג אויס, ~געצײַגט.
פֿר, מיי, זאַמעט. דזוו אויסווײַזן ←. א, אַלע קאַ..
מערן. „דאָס צײַגט אויס, דאָס מיר ביידע
אַ זיווג זענען" פֿאַוויר, גדולת יוסף. „ער

,
צײַגט אויס מיט אותות ומופֿתים...", א.
מאָרגנשטערן, עגל־הזהבֿ, װאַרשע 1898. „אַפֿילו
[װען] דער לוה גיט סתּם און זאָגט [דעם מלוה]

איך שענק דיר דאָס...איז אויך אָסור, ווײַל עס
צײַגט אויס ווי ריבית", הרבֿ מ. הלוי הורוויץ,
ספֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.
אויסצײַטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געצײַטיקט. 1. מאַכן צײַטיק. א, פּירות. „מענדעלע
איז געווען אַ געשטאַלט פֿון גײַסטיקער
גבֿורה...וואָס ס'האָט גענומען דורות
אויסצוחלומען און אויסצוצײַטיקן", יג, תּוך II.
2. פֿולקום אַנטוויקלען... „יענע טיפֿע
איינזאַמקייט וואָס צײַטיקט אויס געדאַנקען נײַע",
חג, דער מאַמעס צוואָה.
אויסצייטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געצײַטלט.
▯ ־
נעאָל. באַצייכענען די צײַט; אָנווײַזן אויף
דער צײַט. „ניט מיט טינט, מיט בלוט האָב איך
פֿאַרשריבן טרויערטעג וואָס צײַטלען אויס אַ
יאָר,„ מלכּה לי, 1950.
אויסצייכן — דער, ־ס. סימן, עמבלעם,
שריפֿט אויף אויסצוצייכענען, באַלוינען,
אַרויסהייבן עמעצן אָדער עפּעס. נעאָל, ימ, 1930.
קריגן אַן א'.
אויסצייכענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסצייכענען. פּריז, פּרעמיע,
באַלוינונג. אַרויסהייבונג. סימן פֿון

העכערקייט, בעסערקייט פֿאַר וואָס האָסטו געקראָגן
.

די א'

אויסצייכענען — טרוו. ־כּן אויס, ~
געצייכנט. 1. מאַכן צייכנס (אַלע, וויפֿל מע
דאַרף). א, די פּרײַזן אויף די עטיקעטקעס. א,
די עטיקעטקעס. ,,זעצט זיך און נעמט א,
נאָזטיכלעך,,, ממוס, פּריזיוו. 2. אויסטיילן מיט
אַ סימן (פֿון אַ רשימה). א, די ווערטער וואָס

אויסציילעניש

-

הייבּן זיך אָן מיט אַן אַלף. 3. אַרויסהייבּן,
אויסזונדערן עמעצן (אַ צאָל) פֿון אַ גרופּע
און בּאַלוינען, אַרויסווײַזן אָנערקענונג. א, די
געווינערס מיט מעדאָלן. ,,די עסטרײַכישע
רעגירונג האָט אויסגעצייכנט אַ ייִון, דאַכט זיך,
צום ערשטן מאָל...,,, ק מ, 35 1865, No.
4. געבּן סימנים פֿון צוגעהעריקייט צו אַ
גרופּע. א, אַלע בּאַטייליקטע אין פֿאַרמעסט.
5. מאַכן אַ צאָל צייכענונגען, מוסטערן;

אויסמאָלן מיט אַ פּען, בלײַער, קויל. א, די
פּנימער פֿון די חשובֿע געסט. „איינער פֿון זיי
האָט אויסגעצייכנט אַן אות אויף דער מצבֿה“,
אָפּאַ, היבּרו. 6. צוטיילן, באַשטימעו. „וואָס
דער באַשעפֿער האָט אויסגעצייבנט אויף

מענטשן מוז אויף אים קומען“, איין שיינע מע□ה
פֿון צענטאָרע ווענטאָרע, זשיטאָמיר 1876.
אויסצייכענען זיך —־ אויטוו. ← דפֿוו. 1□ זיך
אויסטיילן, זיך אַרויסהייבּן; זײַן קאָנטיק,
אַנדערש מיט עפּעס. „איינע פֿון די
הויפּטפּרנסות, וואָס דערמיט האָט דאָס שטעטל ק.
אויסגעצייכנט זיך פֿון אַלע אַנדערע שטעטלעך
אין ליטע, איז געווען אַסטראַכאַנקע“, ממוס,
שלמה. 2. פֿון זיך, ניט בכּיוון באַקומען די
פֿאָרעם פֿון אַ צייכענונג. „איך...האָבּ אַ
קאַלטע האַנט אַרויפֿגעלייגט, האָט אויסגעצייכנט
זיך אין דעק פֿון דיקן שטויבּ אַ שוואַרצער
פֿינגערדיקער פֿלעק פֿון אַ סקעלעט“, יהואָש,
דער סוף פֿון ליד,.
אויסצייכעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסצייכענונג. א, פֿאַרן גוטן לערנען זיך.
אויסצייכענער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס צייכנט אויס, ← אויסצייכענען, בּ□.

אויסצייל — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסציילן.
גיכער, פּינקטלעכער א'.
אויסציילונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסציילן. פּאַמעלעכע, (ניט) ריכטיקע א'.
אויסציילן — טרוו. צייל אויס, ~געציילט.
1. ציילן ביזן סוף. א, די קינדער, א, דאָס
געלט. „דער אַלטער קלויסטער האָט בעטלעריש
אויסגעציילט דאָס מינץ פֿון זײַנע גלעקער„,
פּמ, דור־אויס דור־אײַן. 2. ציילן יעדערן
(יעדער זאַך) באַזונדער. א, אַחת ואחת, אַחת
ושתּים. „...צוגערוקט אַ בושל מיט פּאַסאָליעס
און זיי אָנגעהויבן אויסצוציילן אין
בלעכענע עמערס“, אָפּאַ, ,אין אַ פֿאַרשנייטער
וועלט'. 3. געבן געלט, ציילנדיק. „איך האָב
געקריגן אַן ערלעכן שווער וואָס האָט מיר
אויסגעציילט דאָס געלט באַלד נאָך דער
חתונה“, פּרץ, ,אין פּאָסטוואָגן'. „דעמאָלט
פֿלעגט ער ווערן ערנסט...און זיך נעמען...א,
האַנטגעלט„, אר, אַ וויץ'. 4. אַרויסצאָלן.
,
„מאַכט זיך...בײַ אַן אָבֿל אין שטובֿ, אַז די
יורשים ציילן אויס דער מוטער זייערער די
כּתובה באַלד נאָך שבֿעה און וואָן אַרויס“,
דלוגאַטש, די וועלט־מסורה, 1881.

אויסציילן זיך — ← דפֿוו. קינדער־לס􏰀ון.
דורכפֿירן אַן אויסציילעניש, איידער מע הייבט
אָן די שפּיל אָדער וו אַ טייל פֿון שפּיל.
,
אויסציילעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויסצייל(ונג), פּעיאַ. איר.
אויסציילעניש — דאָס (די), ־ן. ציילעניש,
באַצייכענונג מיט אַ וואָרט (פֿון אַ לידל, פֿון
אַ ספּעציעל זאָגעניש) יעדן באַטייליקטן אין

אויסציילער

אַ שפּיל, כּדי דער אויף ווּעמען עס פֿאַלט אויס
דאָס לעצטע וואָרט זאָל דורכפֿירן אַ געוויסע
פֿונקציע (אָנהייבן אַ שפּיל, זיך באַהאַלטן,
עפּעס געבן, טאָן אָדער אַרויספֿאַלן פֿון שפּיל).
[בײַשפּיל פֿון אַן א,: אַנאַ, וואַנאַ, טאַטעניִע;
שיִע, וויִע, קאָמפּאַניִע; סאַלעוו, ראַקע; טיקע,
טאַקע; שיִע, וויִע, וואָן.]
אויסציילער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿירט דורך אַן אויסציילעניש.
„ניין, חיימקע קען ניט זײַן דער א', ער מאַכט
קרוטשקעס“, רייד. 2. ווער עס אַרבעט אין
אַ באַנק און פֿאַרנעמט זיך מיט אויסציילן

געלט. געהילף פֿון קאַסירער.

אויסציינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~ געציינדלט. 1. אויסשנײַדן, אויסשלײַפֿן ציין (ציינדלעך, צאַקנס). א, אַ שטיק בלעך, פּאַפּיר. 2. מאַכן פּגימות, אײַנקריצונגען (וואָס זעען אויס ווי ציינדלעך). א, די שאַרף פֿון מעסער. א אַ חלף, אַ גאָלמעסער.

אויסצײַקלען זיך — אוטוו. ־קל זיך אויס, זיך ~געצײַקלט. 1. פֿאַרענדיקן פּראָצעס פֿון געבערן הינטעלעך. „די צויג אונדזערע האָט זיך אויסגעצײַקלט מיט פֿינף הינטעלעך„. 2. ניט קענען געבערן מער הינטעלעך. „די צויג איז אַן אַלטע און זי האָט זיך שוין לאַנג אויסגעצײַקלט“.

אויסצילן — טרוו. ציל אויס, ~געצילט. (זיך מיִען) טרעפֿן אין ציל עטלעכע מאָל אָדער גוט טרעפֿן אין ציל (אויך איין מאָל). א, פֿײַלן. „ער האָט איר נאָך אויסגעצילט מער קאָמפּלימענטן און זיי אַרויסגעשאָסן ווי פֿון אַ פּיסטויל“, בּ. רעסלער, טמז, 4 l96l III.

אויסצילע(ווע)ן — טרוו. ־לע(ווע) אויס, ~געצילע(ווע)ט. דזוו אויססילען ←.

אויסצימבּלען — טרוו. ־בּל אויס, ~

געצימבלט. 1. אויסשפּילן עפּעס אויף אַ צימבל. א אַ ליד, מאַרש. 2. שלעכט אויסשפּילן,
,
מיט צו פֿיל קלאַפּערײַ. 3. אויסדערציילן, צעטראָגן אַ סוד, אַ רכילות. א, איבער דער גאַנצער שכנישאַפֿט. 4. אויסשמײַסן. א, די יונגאַטשעס.
אויסצימבלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסצימבלען ־לעכץ.
.
אויסצימבלער — דער, ־ס. ווו ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס צימבלט אויס, ← אויסצימבלען, ספּעצ בּ.
אויסצינדן — טרוו. צינד אויס, ~געצונדן. אָנצינדן, אונטערצינדן אַ צאָל (אַלע). א, ליכט אין זאַל. א, די הײַזלעך, הײַזל נאָך הײַזל.
אויסצינען — טרוו. צין אויס, ~געצינט. באַדעקן כּלי (געווײַנטלעך קופּערנע) פֿון אינעווייניק מיט צין. א, די פֿאַנען פֿאַר פּסח. צינען ביזן סוף. א, כּלים.
אויסצינקע(ווע)ן — טרוו. צינק(עווע) אויס, ~געצינק(עווע)ט. באַדעקן מיט צינק. א, די פּלאַטעס פֿאַרן פֿאָטאָגראַפֿירן.
אויסצ עוודיק — אַדי. וואָס מע קען

אויסציִען. טייל שטאָפֿן זײַנען א'. א, ווי גומי.

אויסצ□עוודיקייט — די (דאָס), ־ן.

פֿעאיקייט אויסגעצויגן צו ווערן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסציִעוודיק פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון

.

א,.

33()

אויסצ□עכץ — דאָס (די), ־ן. אויסציאונג.

אָפּל□יג, אָפּצי. אַן א, פֿון דעם ענין אויף עטלעכע יאָר.

אויסצ□ען — אוטוו. צי אויס, ~געצויגן.

1. אַנטלויפֿן, אָפּציִען. פֿטמ. „עס ווערט דאָ הייס פֿאַר אונדז, לאָמיר גיכער א'„. אין גנבֿים־שפּראַך: אַרויסרײַסן זיך און אַנטלויפֿן.

2. אַוועקפֿאָרן, אַרויספֿאָרן. אַרכ. „נון זענין מיר נאָך מיטר נכט אויז וויטמונד אויז גיצאגין“, „...ער נאָך גוט צײַט האָט אונ, פֿאַר סוכּות קאַן תּוך הנובֿיר זיין ווען ער למחרת אויז ציאיט„, גה, 154־5. „ער בּידארף געלט צו איש ציהן לערנען תּורה“, לט□, 1/107.

אויסצ▯ען — אַקוזוו. ← דפֿוו. 1. אויסשטרעקן,
אויסשפּרייטן; אויסניצן די גאַנצע לענג פֿון אַ
גליד פֿון קערפּער. א, די האַנט און אָפּשטעקן
אַ שלום־עליכם. א, די פֿיס און זיך אויסרוען.
,,...אויסגעשטאַנען אַלערליי טענות און
געשרייען פֿון די פּאַרשוינען, וואָס זיי קענען
ניט א, די פֿיס‘‘, ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,, אַ
---▯

שיינעם דאַנק! — האָט אַהרן יעדערן
געענטפֿערט, אויסציִענדיק מיט אַ פֿרום־גערירטן פּנים
די האַנט‘‘, אר, אַ גאַנצע נאַכט'.

,

*א אַ האַנט = אַרבעטן גיכער, בעסער. *א,

,

אַ (די) האַנט = בעטן אַ נדבֿה, הילף. *א אַ

,

העלפֿנדיקע (העלפֿיקע, הילפֿיקע) האַנט =
געבן הילף. *א, די פֿיס = א) פֿאַלן;
ב) שטאַרבן. קללה: זאָלסט נאָר דערלעבן א,
די פֿיס! ,,די בײטש האָט זיך אַרײַנגעמישט,
איין מאָל און אַ צווייט מאָל, ביז די קליאַטשע
האָט...אויסגעצויגן די פֿיס‘‘, פּרץ, ,דער
דיןתּורה'. *א, די לאַפּקע, פּאָדקעווס, די

קאָפּעטעס = דז וועגן באַשעפֿעניש, גראָבלעך וועגן מענטשן. „ער האָט אײַנגעהאַנדלט פּגירות, איידער ער וועט זיי אַהיימברענגען, ווען העלפֿט א, די לאַפּקעס“, אָפּאַ, טענצערין. *א, די ביינער = א) פֿאַלן; ב) זיך לייגן אָפּרוען. *א, אַ פּאָלקע = פֿאַלן, אַראָפּפֿאַלן.

2. ניצן אַ מכשיר פֿאַר עפּעס אַן אַרבעט. *א אַ מעסער = זײַן אַ שינדער. *א אַ חלף

'

= זײַן, ווערן אַ שוחט. „נישט געלאָזט אַז ווער עס איז, פֿון וואַנען עס איז, זאָל קומען מיט א סמיכה פֿון מאה רבנים און א אַ חלף„,

'

-

פּרץ, 'די לוויה'. “עס איז געבליבן אַז קיינער וועט ניט א אַ פֿעדער [= שרײַבן] איבּ מע

'

וועט זיי נישט מוסיף זײַן כאָטש צוויי גילדן„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

3. אויסזויגן, אויסקוועטשן. א, דאָס חיות, דעם מאַרך (די קלײַ) פֿון די ביינער. „, אונדזערע לעזער זענען...נײַגעריק צו וויסן ווער

די מחותּנים זענען. מיר ווילן זיי שוין ניט
דאָס האַרץ א'", קמ, 23 1865, No. ,,ער האָט
מיט זײַנע מעשׂיות אונדזער חיות
אויסגעצויגן", אר, 'ליכט'. ,,נאָר געסטראַשעט אָט לויפֿט
ער, אָט גייט ער...און האָט אויסגעצויגן די קלײַ
פֿון די ביינער", פּרץ, ,דער מסור'.
4. אויסשפּילן (וועגן לאָטעריי), אויסוואַרפֿן
גורל. "לאָנדאָנער לאָטעריי איז שוין
אויסגעצויגן צײַט זעקס וואָכן", אמד, דער מיליאָנער,
ווילנע 1868.

אויסצ◻ען — טרוו. צי אויס, ~געצויגן.
1. מאַכן לענגער אין שטח; אויסלייגן אין

אויסצ◻ען

דער גאַנצער לענג. א, גומי, אַ שטריק, אַ
לײַלעך אאַזוו. ,,באַדיונגען נעמען יודלען באַלד,
ציִען אים אויס, מחילה, העט־העט הויך,
פּאַרען אים די ביינער מיט גוואַלד", ממוס,
יודל. *א, עמעצן = אַנידערוואַרפֿן;
אונטערשטעלן אַ פּיסל. א, ווי אַ ברעט, אַ לאַקס. א,
פֿאַלדן = אויסגלײַכן, באַפֿרײַען פֿון פֿאַלדן.
"...איז אָסור [אום] שבת די פֿאַלדן
אויסצוציִען", הרבֿ א. ברודא, הליכות עולס, אונגוואַר

.18‏4

2. מאַכן העכער. „גאווה איז אַ סדום־בּעטל: יענעם פֿאַרקירצט, זיך אויסגעצויגן“, שוו. „...האָט זיך אויסגעצויגן און איז געוואָרן זייער גרויס, בּיזן הימל“, נחבּ, 'מעשׂה מחכם'.

3. מאַכן לענגער אין צײַט. *א אַ דרשה,

,

פֿאַרזאַמלונג; א אַן אַרטיקל, אַ ראָמאַן אא =

,

-

ניצן איבּעריקע רייד, פֿאַרציִען פֿאַרשלעפּן. *א,

,

דעם טאָג, די צײַט, די שעה = אַרבּעטן פּאַמעלעך, פּטרן צײַט, פּראָדוצירן ניט גענוג.

*א אַ ניגון = אויסזינגען, אויסשפּילן פּאַמע,

לעך, מיט אַלע ניואַנסן. „ווי אַ פֿידל, האָט זי אויסגעצויגן אַ טרויעריקן עכט־ייִדישן ניגון מיט אַ תּפֿילה־נוסח“, שע, בּלאָנדזענדע שטערן

I. א אַ תּקיעה גדולה. *א, דעם סיזן =

אַר,

בּעטן פּאַמעלעך כּדי דער סעזאָן פֿון דער

אַרבעט זאָל זײַן לענגער (אין שנײַדער־
שעפּער פֿון צפֿון אַמעריקע).
-

4. אַוועקלייגן אויף אַ פֿלאַך אָרט. א, אויף
דער ערד. *א, עמעצן = באַזיגן אין
געראַנגל און וואַרפֿן אויף דער ערד (דיל). אָפּט
מיט ז י ך. „די וועלט אַרום גרויס, אָפּן,
כאָטש הייב זיך אויף און פֿלי, כאָטש צי
זיך אויס און שווים“, שע, טבֿיה. „נו דו! לאָז
די מאַשין, א, ועסטו זיך בײַם ווײַב אין
פּאַדעליק“, בערג.
5. מאַכן עס זאָל אַרויסשטאַרצן, זאָל
אויסזען לענגער. א, דעם קאָפּ, דאָס פּנים. “דער
קאַמערדינער האָט מיך געשווינד
איבערגעקעמט...אויסגעצויגן דאָס בערדל“, ממוס,
קליאַטשע. „...געשאָקלט דערבײַ מיטן קאָפּ,
אויסציִענדיק די ליפּעלעך עפּעס מיט אַ
משונהזויער קרימעלע“, ממוס, ווינטשפּ.
6. אויסשטעלן אין אַ לאַנגער ריי. „און,
משה האָט אויז גצוגין ישׂראל גאָט אנטקיגין,',
ש ה II. „מע דאַרף א, די קינדער איבער דער
גאַנצער גאַס“, רייד.
7. אויסשאַרפֿן; ציִען אַ צאָל מאָל איבער
אַ רימען. א אַ (גאָל)מעסער.

8. אַרויסציִען, אַרויספֿירן. אַרכ. „איר
שווערטר הובן זי אַן אויז צו ציהן“, בבֿא־בוך,
600. „אונ ווען איינם זיין צעהן וויא טון, דא
טאָר מן זיא וואול איין גוי לאָזן אויז ציהן
פֿון צער וועגן“, לט 1, 1/78. Iב, ג/ב:
„מוציא.——־ער ציט אויש“. „אונ, זאלשט מיך אויז
ציהן פֿון מײַן פֿינשטערניש צו איין ליכט אונ,
פֿון טרויאריקייט צו פֿרייד„, קהלת שלמה,
אמש ט 1744, עט/ב. “איך וועל האַלטן מײַן
שבֿועה...און וועל זיי אויסציִען פֿון מצרים“,
צור, ,וארא'. „אַ מענטש האָט ניט קיין רשות
אויסצוציִען זײַן ווײַב אין אַן אַנדער לאַנד,
נאָר מיט איר ווילן“, נוצ1.
9. אויסגעבן, אויסברענגען. אַרכ. „אונ, שלמה
המלך הט אויש גצוגין אויף דעם בה“מ

אַכאויסצ עק זיך

צעהן הונדרט צענטר גאָלד און זיבן טויזנט
צענטר זילבר“, שי, טו/ב.
10. אַרויסברענגען. אַרכ. מ 1/4 t,
פֿאַר,

טײַטשט: 'תּוצא האַרץ נפֿש חיה, (בּראשית, א, 24) „זיא זאָל אויש ציהן“. „דאָס מויל וואָס געהער אויסצוצִיען פערל ציט אויס שאַלקהייט“, ספֿר היראה, 1877, 43. „ער פֿלײַסט זיך נאָכצופֿאָרשן און ציט זיי אויס מכּוח אַל הפּועל„, חה, 23. „אין דעם טאָג האָט דער בּוים אויסגעצויגן בּלעטער מיט ווײַנטרויבּן“, נצ2, כד/ד, זשיטאָמיר? l860. „און די חיה [פֿון די חיות הקודש]...זאָל א אַ רוח מזונות

,

צו די בּני אמונה, זיי זאָלן ניט שטאַרבּן מחמת הונגער“, נוצ1. “זאָל גאָט בּ“ה א, אונדזער משפּט מיט גרויס רחמנות און מיט דערבּאַרעמקייט„, סtרה בּת טוביט, תּחנה שלשה שעריס, ווילנע 1864. „צו [גאָט] וואָס ער ציט אויס וויסנשאַפֿט און דין“, מלרה, ט/א. „ איטלעכער מענטש וואָס איז געוואוינט אויסצוצִיען קללות פֿון זײַן מויל...“, קה.

11. אַרויסקריגן. אַרכ, איצטיק. „טייל זאַכן איז פֿאַרהאַנדן וואָס מען האָט מיט זיי מי און טרחא, דהײַנו. פֿעל אויסאַרבּעטן און אויס.

ציִען אײַזן און קופּער פֿון דעם אָרט וואָס מע ציט עס אויס“, חה, 338. „שמעון איז דער

המוחזק, ער האַלט דאָס געלט, און ראובֿן וויל בײַ אים א', — הייסט ראובֿן המוציא מחבֿרו“, שהמ. „ער האָט...נדן דווקא ניט מסלק געווען, ער האָט בײַם חתן אויסגעצויגן 175 רו„כּ צו באַקליידן די כּלה“, קמ, 16 1869, No.

12. אויסטאָן; אַראָפּציִען. אַרכ. „דא שטעלט זיך דער מלך זער צארניג קעגין זייא אונ, היישט זייא ביזוכן אונ לאָזט אין אירע קליידר אויש ציהן“, לט1, 2/34. מ□ 1/23 ,t,

פֿאַרטײַטשט: 'ויפֿשיטו את יוסף את כּתּנתּו, (בּראשית, לז, 23) „אונ, זיא אויז ציהטן...„

„גינג ער איבּר דען הויפּט מאַן וואַש די שטאד אויף גמאכט האָט אונד ליס איהן נאקנט אויש ציהען“, מעע)ה אומן.

אויסצ□ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן לאַנג. „די שאָטנס פֿון די ביימער ציִען זיך אויס לאַנג ווי דער ייִדישער גלות„, שע, טביה. „די שפּיציקע נאָז האָט זיך אים מאָדנע אויסגעצויגן“, שע, בלאָנדזענדע שטערן I. „אויבֿ די וועלט איז געגליכן צו אַ מאַשינע, איז טאַקע יודל־לעבֿ דאָרט די ספּרוזשינע וואָס ציט זיך אײַן און ציט זיך אויס אויך לאַנג“, ממוס, יודל.

2.. ווערן שטײַף, גלײַד. א, זיך ווי אַ

סטרונ(ק)ע, ווי אַ דראָנג, ווי אַ (טעלעג־אַף־) סלופּ;
א, זיך ווי אַ זעלנער (סאָלדאַט); ווי פֿאַר אַ
מלכות, פּריץ, שׂררה, ווי גרויס (הויך) מען
איז. „נו, מיך דערקענט איר ניט? — זאָג
איך מיט אַ זיס פֿרײַנדלעך שמייכעלע,
אויס,
ציִענדיק זיך פֿאַר אים ווי גרויס איך בּין“,
ממוס, שלמה. „אַז מע זינגט אין טריאַטער,
בּאַדאַרף מע זיך א', מאַכן מיט די הענט און
מיט אַלע אבֿרים“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
3. אויסשפּרייטן זיך. מלל, 2/12,
פֿאַרטײַטשט: 'כּי יגיח ירדן אַל פּיהו, (איובֿ, מ,
23) — „אויש ציהן“ [זיך]... „גאַנץ בּרייט
האָט די געגנט זיך אויסגעצויגן מיט

זאַמדי831

קער פֿלאַכקייט, בּאַוואַקסן מיט קאָרבּ־שטרוי
און הושענא־גראָז„, אַש, תּהילים־ייִד. פֿעלדער
און וועלדער ציִען זיך אויס.
4. צעלייגן זיך; זיך אַוועקלייגן בּאַקוועם
(צו רוען, שלאָפֿן). א, זיך ווי בּײַם טאַטן
אין ווײַנגאָרטן (אין ווײַנהויז). א, זיך ווי אַ
גראַף, שׂררה. „פֿאַרוואָס זשע ניט צולאָזן זיך

אַ שטיקל עולם־הזה, ווי אַנידערלייגן זיך אַשטייגער, אָדער אפֿשר גאָר א, זיך טאַקע אַ ביסל?" ממום, ספֿר הבהמות. [פֿרגל אויסציִען, טרוו ← בּ4: מע קען דעם ז י ך אויסטײַטשן פֿאַרשיידן].

5. אויסטשוכען זיך (מיט אויסשפּרייטן די הענט, אויסגלײַכן די גלידער). א, זיך נאָכן שלאָף. א, זיך ווי אַ קעצל (קאַץ).

6. ווערן צו געדויערדיק, אין אַן איבעריקער מאָס. די הכנות ציִען זיך אויס. „איך דאַרף בלאָזן שבֿרים, און עס האָט זיך מיר אויסגעצויגן... אַ צעדראָבעטער שברים"... פּרץ, 'דער אַלטער ר, שמעון'.

7. אַרויפֿלייגן זיך. אַ נעבל ציט זיך אויס אריף דער ערד. „אַ ביטערע מרה־שחורה האָט זיך אויסגעצויגן איבער זייערע פּנימער", שע, קליינע מענטשעלעך.

8. אַנידערפֿאַלן, אַראָפּפֿאַלן. „לויפֿנדיק האָט סענדערל זיך אַ זעץ געטאָן, און אַ שטופּ, און זיך אויסגעצויגן נעבעך, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד„, ממום, מסעות. „וואָס ציסטו זיך אויס? קיינער גלייבט דיר סײַווי ניט", פֿוו בײַם פֿאַלן, ווש מיט בב, 9, 10.

9. חלשן, שטאַרבן. לײַדן, האָבן צרות. *א,

זיך פֿאַר אַ גראָשן (דרײַער, רובל אע) = ניט האָבן קיין גראָשן, כאָטש גיי אויס. ,,
אויסציִען שׂונאי־ישׂראל, זאָל ער זיך פֿאַר אים,

,

וועט ער אים נישט געבן אויף באָרג“, ממוס.
קללות: ,,מעגסט זיך שוין א', שוין צײַט
כלעבן!“; ,,זאָלסט זיך א, פֿאַר מײַנע אויגן!“
[ווען אַ קינד ניסט, ווינטשט מען: גרינג
דערצויגן זאָלסטו ווערן; אויף לצנות זאָגט מען
צו אַ גרויסן וואָס ניסט: אויסגעצויגן זאָלסטו
ווערן. יע].
1O פֿאַלן צו די פֿיס, זיך בוקן פֿאַר עמעצן.

.

א, זיך בעטנדיק, שווערנדיק. ,,איר זאָלט זיך
פֿאַר אים א, — וועט איר ניט פּועלן“, שע,
'די פֿריילעכע קאָמפּאַניע'. ,,מע זאָל זיך א, פֿאַר
אים — נישט אַ שמעק!“, שע, מעסtיות פֿאַר
ייִדישע קינדער II. מע זאָל זיך א, פֿאַר אים,
וועט ער ניט נאָכגעבן. [די דרײַ זאַצן קען מען
אויסטײַטשן אויך על־פּי ב 9]. אויך: טאָן
עפּעס מיט גרויס איבערגעגעבנקייט, הכנעה.
א, זיך און זיך לייגן אין דער ברייט און אין
דער לענג. ,,חזנים פֿלעגן זיך א, שווערן, אַז
איך בין אַ גרויסער מבֿין אויף זינגען,,, אלצ,

תּוכד[ת ד[ייִס.
11. אַרויסקלײַבן זיך, אַריבערקלײַבן זיך.
,,דר נאָך האב איך מיך אויש גיצוהן אין
איין אַנדער הויז,,, שו"ת רמ"א, קראָקע 1640
[הש 62 ,I]. ,,צו האָבן זעלכע נחלות אין אַזוי
אַ גרויסער שטאָט ווי פּראָג, און זיך פּלוצלינג
גאָר פֿון העלער הויט אויסצוציִען? וואו וואוינען
זיי?", עט, סערקעלע. ,,ציט ער זיך אויס קיין
ראַכאָוו", פּרץ, בילדער און סקיצן.
12. אַרכ. אויסטאָן זיך. ,,לושט מיך נוייארט

אויסצירן

.

אוייער וואונדן שויאן און, ציכט אוייך מוטר
נאקט אויז", בבא־בוך, 574. ,,ווי ער דאשׂ
זאַך, האָט ער זיך אַך גימאכט פֿר אין עני און,
אויש גיצוגין זיך פֿון זייני לבושי מלכות,,,
נצ1, ויקרא, ג/א. [רעפֿל.]
אויסצ עניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער
פּראָצעס פֿון אויסציִען (זיך).
אויסצ ער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס ציט אויס (אַרויס). ווער עס

ראַטעוועט. „דו גאָט, דו ביסט מײַן א, פֿון מײַן מוטערס בויך. בעט איך דיך, דערלײַכט מײַן פֿינצטערניש“, מחזור קרבן אַהרן, ווילנע תּרכ״ח, פּיוט יוה״כ פֿון מײַן מוטערס

גע. „

דערים ביסטו מײַן א'“, חה, 313. „גאָט איר א, האָט איר געדאַכט אום ראָש־השנה“, מחזוך, ה״ר, פּפּמ, 1885. 2. מכשיר אויסצוציִען. אַ הענטשקע־א'.

אויסציעשען (זיך) ־שע (זיך) אויס, (זיך) ~געציעשעט. דזוו אויסטשעשען (ז ד) ←.

אויסציסערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געציפֿערט. 1. אויסשרײַבן (שיינע, ספּעציעלע) ציפֿערן. 2. אויסרעכענען. 3. אויסשפּיאָנירן.

אויסציקלען — טרוו. ציקל אויס, ~געציקלט. 1. שיין, קונציק, צאַצקעדיק אויסשרײַבן. „אַנו, פּאַני ראַבינער, ציקלט מיר נאָר אויס אַ פּראָשעניע צום מיראָוואָי“, בערג, אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט. 2. אויסזינגען עפּעס מיט דרייד לעך אָדער מיט אַ קאָלאָראַטור־שטים. דער

חזן האָט אויסגעציקלט דעם לכו נרננה.
„...גענומען ווינקען צום זון, ער זאָל ניט
אויסציִען און א, די הגדה, ווײַל די מאַמע איז
אײַנגעמאַטערט“, חג, ישיבֿה. 3.
אויספֿורעמען; געשטאַלטיקן. „אַן אַרײַנקוק אין דעם
נײַסטן נומער... האָט פֿאַר מיר אויסגעציקלט
די פֿראַגע...„, א. גלאַנץ, טמז, 9 XII 1953.
אויסציקלען זיך — ← דפֿוו. 1.
אויסציקלען און אויפֿהערן. 2. זיך אויסדריקן, זיך
אויסלעבּן דורך אויסציקלען. 3. פֿאַרענדיקן
פּראָצעס פֿון געבּערן ציגעלע(ך). אונדזער ציג
האָט זיך אויסגעציקלט.
אויסציקען — ־קע אויס, ~געציקעט. אוטוו
— אַרויסבּרענגען קלאַנגען, ענלעכע צו צ־צ
(כּדי צו ציִען אויפֿמערקשאַפֿט). „פֿאַרוואָס
ציקעסטו אויס צו מיר?“ רייד. טרוו — צורופֿן
עמעצן מיט קלאַנגען צ־צ. „וואָס ציקעסטו מיך
אויס? וואָס דאַרפֿסטו?“, רייד.
אויסציר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסצירן.
2. מיטל צום אויסצירן, אויספּוצן. „געקוקט
פֿאַרחידושט אויף מײַן א',„, נאַד. „...און דעם
א, פֿון חושן און אפֿוד“, אַש, משה.
אויסצירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער אופֿן
פֿון אויסצירן. „טויזנטער שקלאַפֿן האָבּן

גערבעט אויף דעקאָרירונג און א, פֿון דעם דענקמאָל", אַש, משה.
אויסצירן — טרוו. ציר אויס, ~געצירט. אָפּט מיט ז י ך. מאַכן שיין, אויספּוצן כּ2.
,,...די נשמה וואָס זי ווערט גערופֿן בת־כּהן, דאָס זי איז באַשאַפֿן געוואָרן אַרײַנצוגיין אין גוף צו פֿאַרריכטן און א, מיט מעשׂים טובֿים", קה. ,,...האָט אויסגעצירט די פֿערד, אײַנגעבונדן זיי בלויע און רויטע סטענגעלעך אין די געפֿלאָכטענע האָר אויף די רוקנס", אַש, שטעטל.

אויסצירעווען

אויסצירעווען טרוו. ־רעווע אויס, ~ געצירעוועט. אויספֿאַרריכטן מיט אַ נאָדל און פֿאָדעם. א, זאָקן.
אויסצירעניש — דאָס (די), ־ן. 1. (געדויער דיקע, איבערטריבענע) אויסצירונג. 2. פּראָצעס פֿון אויסצירעווען.
אויסצירקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצירקלען.
אויסצירקלען — טרוו. ־קל אויס, ~ געצירקלט. 1. אויסצייכענען מיט אַ צירקל. מאַכן אַ צאָל אָדער פֿאַרענדיקן מאַכן קרײַז(ן).

2. אויסרונדיקן, אויסקײַלעכן. א, די העלצלעך.
א אַ   וויץ. 3. אויספּוצן, אויסצאַצקען.
,
4. אויסרעכענען, אויסקאַלקולירן. „און
צירקלט אויס אַז ס'זאָל בלײַבן העלפֿט שׂכירות
אויף מאָדעס„, מעשׂה אלפֿס. 5.
אויסמאָדולירן. א, אַ געשטאַלט, אַ ראָלע.
אויסצירקלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, אָפּגעהיטענע) אויסצירקלונג.
אויסצירקען — ־קע אויס, ~געצירקעט.
אויטוו   אַרויסברענגען קלאַנגען ווי אַ
הײ --־
שעריק. טרוו — דזוו אויסטשירקען ←.
אויסציש(ע)ן — ־ציש(ע) אויס, ~
געציש(ע)ט. אויטוו — אַרויסגעבן קלאַנגען,
ענלעכע צו ציש־ציש. [אַ שלאַנג צישעט. עס
צישעט, ווען מע גיסט וואַסער אויף אָנגעגל טן
אײַזן.] טרוו — אַרויסברענגען, אַרויסזאָגן
עפּעס מיט קלאַנגען צווישן צונג און
אייבערשטע צײן. „— ניט פֿאַרנעמען זיך מיט
פּראָפּאַגאַנדע! — האָט אויסגעצישט די
דאָקטאָרשע“, ברעגמאַן, אויפֿן מזרח איז
אומרואיק.
אויסצלמען — [...צײ'לעמען] טרוו. צלם אויס,

~געצלמט. מאַכן דעם צייכן פֿון צלם איבער
אַ צאָל. „די גויע האָט אין שרעק
אויסגעצלמט אירע קינדער„.
אויסצמאָקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויס, ~
געצמאָקעט. דזוו אויסטשמאָקען ←.
אויסצע־ קאָמבינאַציע פֿון קאָנווערב א ו י ס
און ווערבאַלן סופֿיקס צ ע ־. טרעפֿט זיך
זעלטן אין אַ צאָל ווערבן, בלויז אין דער
ריידשפּראַך. אַזוי ווי די באַטײַטן פֿון אויס
און צע פֿאַלן צום טייל צונויף און ווערבן
פֿון דעם מין טרעפֿן זיך ניט אין דער
ליטעראַטור־שפּראַך, האָבן מיר זיי ניט פֿאַרצייכנט,
למשל: אויסצעאַקערן, אויסצעבאַלע—
ב □ □, אויסצ□ויס□ □ר□ (אַמ), □
דיסצעטעווען, ב וטיקן אאַ. דער
וך □ בדטש

באַטײַט איז דער זעלביקער וואָס אָן אויס,
וואָס גיט נאָר צו עמפֿאַטישקייט.
אויסצע'בערן — טרוו. ־בער אויס, ~
געצעבערט פֿונאַנדערגיסן אין צעבערס.
אויס.
שעפּן מיט אַ צעבער. א, אַ פֿעסל וואַסער.
אויסצענזורירן — טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־

צענזורירט. אויסמעקן, אויסשטרײַכן מצד דער צענזור. „דער גאַנצער אַרטיקל איז אויסצענזורירט געוואָרן“.
אויסצענטלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצענטלען. אַריבערפֿירונג אין דער סיסטעם פֿון דעצימאַלע בּרוכצאָלן.
אויסצענטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געצענטלט. 1. אײַנטיילן אין צען חלקים, צו צען אין אַ גרופּע. 2. אַריבערפֿירן געוויינטלעכע

צאָלן אין דער סיסטעם פֿון דעצימאַלע. א, דרײַ אַכטל און באַקומען 0.375.
אויסצעפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געצעפּלט. אויסדרייען פֿאַרדרייען אין אַ צעפּל, אין צעפּ,
לעך. א, די גריווע פֿון פֿערד.
אויסצעפּע(נע)ן — טרוו. ־פּע אויס, ~ געצעפּעט. לד. קינדער־לשון. דזוו אויסטשעפּע(נע)ן ←.
אויסצערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסצערן (זיך). 2. אויסמאָגערונג, אויסדאַרונג. „אויך איז שעדלעך [פֿאַר שוואַנגערע]...א“, מלכּה בּערלאַנט, די

גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. 3. קראַנקייט וואָס פֿון
איר ווערט מען אויסגעצערט, געוויינטלעך
שווינדזוכט. ,,וואָלט ער פּלוצעם קראַנק
געוואָרן, וואָלט ער למשל א, באַקומען,,, בערג,
אַרום וואָקזאַל. ,,איז געקומען...אַ בשׂורה רעה...
דאָס איינע האָט באַקומען די גאַלאָפּירנדע א,“,
אמד, די קרעמערקעס, ווילנע 1865.
אויסצערטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
צערטלט. צערטלען ביזן סוף, אָדער אַ צאָל. א,
דאָס קינד (די קינדער).
אויסצערן — טרוו. צער אויס, אויסגעצערט.
אויסמאָגערן, אויסדאַרן, אויסהונגערן. א, די
קינדערלעך מיט אַזאַ אָרעמער דיִעטע. מיט
ז י ך = בכּיוון מאַכן, מע זאָל אַליין ווערן
דאַר פֿאַרלירן וואָג.
— ,
אויסצערן זיך — אוטוו. צער זיך אויס, זיך
~געצערט. ווערן דאַר, מאָגער — אָן אַ
כּיוון. ,,זע ווי ער האָט זיך אויסגעצערט
נעבעך, דו דאַרפֿסט אים צוזען“, רייד.
אויסצערעווען —, טרוו. ־רעווע אויס, ~
געצערעוועט. דזוו אויסצירעווען ←.
אויסצערעמאָניע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־
ניע(ווע) זיך אויס, זיך ~געצערעמאָניע(ווע)ט.

בּיזן סוף (אָדער אויפֿהערן) מאַכן
צערעמאָניעס; זיך בּאַגיין אויף אַן איידעלן אָדער
אָפֿיציעלן אופֿן מיט עמעצן. „מע דאַרף זיך א,
מיט אים און אָנזאָגן מיטן האַרבּן וואָרט“.
אויסצערעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקע, זייער קאָנטיקע) אויסצערונג.
אויסצער(ע)נען (זיך) — צערן (זיך) אויס,
(זיך) ~געצערנט. דזוו אויסצאָר(ע)נען (זיך) ←.
אויסצערקלונג, ~צערקלען, ~
צערקלעניש — דזוו אויסצירקלונג, אויסצירקלען,
אויסצירקלעניש ←.
אויסצערקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געצערקעט. וורר(?) מאַכן עס זאָל בּיסלעכווײַז
אויסרינען, אויסטריפֿן.
אויסקאָאָרדינירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
קאָאָרדינירט. אויסשטימען לויט דעם זעלבּיקן
סדר, מין, על־פּי דער זעלבּיקער סיסטעם.
מאַט: אַרײַנבּרענגען אין דער זעלבּיקער
קאָאָרדינאַטן־סיסטעם.
אויסקאַדויטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געקאַדויטשעט. סל. אויסשאָקלען,
אויסטרייסלען. אויסקלאַפּן. א, די בּיינער, דאָס פֿלעשל,
די פֿליסיקייט. פּפֿ: ~קאַדוטשען.
אויסקאָדערן ▯ טרוו. ־ער אויס, ~

געקאָדערט. צערײַסן אויף שטיקלעך; מאַכן פֿון עפּעס אַ שמאַטע. שטאַרק אויסקנייטשן. א, אַלץ וואַס מע טראָגט אויף זיך.
אויסקאַוואַלירן זיך — אוטוו. ־ליר זיך אויס, זיך ~(גע)קאַוואַלירט. ווערן אַ

קאַוואַאויסקאַטשען זיך

ליר פֿראַנט פֿאַרערער פֿון פֿרויען. „פֿריִער

האָט ער זיך געשעמט צו ריידן מיט אַ מיידל, אָבער לעצטנס האָט ער זיך גאָר אויסקאַוואַלירט", רייד.
אויסקאַווירן — טרוו. ־וויר אויס, ~(גע) קאַווירט. אויסגאַראַנטירן. א, פֿאַר עמעצן די חובֿות אין קראָם. אויך אוטוו: א, פֿאַר די חובֿות.
אויסקאָוועט — טרוו. ־ווע אויס, ~געקאָוועט. אויסשמידן. אויסשלאָגן פֿון אײַזן, אונטערשלאָגן מיט אײַזן. א, פֿערד = צושלאָגן פּאָדקעוועס צו זייערע פֿיס. „[משיח] וועט, אַזוי ווי דער שמיד פֿון אײַזן, א, פֿאַר אײַך אַ נײַעם ליכטיקן מזל" פֿרוג, 'אין חלום,.

אויסקאַטאָ'וועסן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.

~געקאַטאָוועסט. 1. מיט אַ שפּאַס, וויץ, חכמהלע עפּעס אַרויסבּרענגען, אויסדריקן. מע קען א, אויך אַן ערנסטן געדאַנק. 2. אויסלאַכן, אָפּשפּאָטן. א, עמעצן.

אויסקאַטאַלאָגירן — טרוו ־גיר אויס, ~קאַטאַלאָגירט. פֿאַרענדיקן קאַטאַלאָגירן. א, די בּיכער וואָס די בּיבּליאָטעק האָט אַרײַנבּאַקומען.

אויסקאַטײַ'ען — טרוו. ־טײַע אויס, ~(גע)־קאַטײַעט. רוסיצ. אויספֿירן עמעצן אויף אַ פֿור, שליטן, שליטעלע פֿערד (רײַטנדיק).

,

אויסקאַטײַען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. סל. זיך דורכפֿאָרן אויף עפּעס מיט פֿאַרגעניגן. א, זיך אויף דעם פֿריש אויסגעפֿאַלענעם שניי.

אויסקאַטעווען.— טרוו. ־עווע אויס, ~ געקאַטעוועט. שטאַרק אויסשמײַסן. א, אַז דער זײַט־מיר־מוחל זאָל פֿילן אַ טעם.

אויסקאָטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געקאָטערט. אויספּלאָדיען; האָבּן אומגעזעצלעכע קינדער. וואול. „וויפֿל ממזרים ער האָט אויסגעקאָטערט!“

אויסקאַטשײַען (זיך) — ־טשײַע (זיך)

אויס, (זיך) ~(גע)קאַטשײַעט. סל. 1. דזוו
אויסקאַטשײַען (זיך) ←. 2. דזוו אויסקאַטשען
(זיך) ←.

אויסקאַטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געקאַטשעט. אָפּט מיט ז י ך. 1.
אויסקײַקלען. א, אין שטרוי, אויפֿן גראָז. „דאָס בעסטע
שטיפֿן... איז געוועזן זיך א, אין שטרוי“, יק.
*א, אין בלאָטע = שטאַרק אויסזידלען, מאַכן
מיט בלאָטע צו גלײַך. *א, זיך אין בלאָטע =
זיך מאַכן זייער ברודיק. 2. אויסוויגן אויף
אַ הוידע. א, קינדערלעך. 3. אויסוואַלגערן,
אויסוועלגערן. „...און אַ ברעג טישל א, אַ
בלעטל לאָקשן איין מאָל אין אַ יובֿל“, שע,
מאָנאָלאָגן. וועגן אַ גרויסן פּליך: *אַ (גלאַטער)
קאָפּ, כאָטש נעם און קאַטשע אויס אויף
אים אַ בלאַט לאָקשן. 4. אויסדרייען אַ (טייל
פֿון אַ) בגד אויף דער צווייטער זײַט. א, די
אַרבל. 5. אַרויספּאָמפּ(ע)ן; אַרויסקאַטשען.
„...האָבן געאַרבעט אַלע פּאָזשאַרנע פּומפּן,
איידער מע האָט אויסגעקאַטשעט דאָס וואַסער“,
קמ, 6 .22 ,1869 No. דורכפֿירן וועש דורך
אַ מאַנגל. א, גרעט, וועש.

אויסקאַטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אַרויסדרייען, זיך ענדיקן צום גוטן. "עס איז

טאַקע הײַנט שלעכט, אָבער עס וועט זיך שפּעטער א'". "עס קען זיך פֿון דעם א, גאָר

אויסקאָך

אַ גרויסער תּכלית", איציק קיפּניס, אונטערוועגנס. *זיך א, פֿון אַ קראַנקייט = געזונט ווערן. ,,מיר האָפֿן טאַקע צו דעם וואָס לעבט אייביק אַז ער וועט זיך א,; מע זעט בחוש אַן ער בעסערט זיך,,, ייִפֿאָל, 30 1886, No. *דאָס קינד וועט זיך א, =וועט געבוירן ווערן און וועט זיך האָדעווען (אַפֿילו ווען די באַדינגונגען זײַנען זייער שווערע). *די האָר קאַטשען זיו אויס = קריכן אויס [געוויינלעך וועגן עופֿעלעך וואָס פֿאַרלירן די האָר מיט וועלכע זיי ווערן געבאָרן].

אויסקאָך — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאָכן. 2. געדיכטער איבערבלײַב נאָכן אויסקאָכן. אַ רויטלעכער א, אויפֿן דנאָ פֿון טעפּל.

אויסקאַכאַיען — טרוו. ־כאַיע אויס, ~ געקאַכאַיעט. סל. אוקר. אויסהאָדעווען מיט ליבשאַפֿט, אויסצערטלען. א, אייגענע און פֿרעמדע קינדער.

אויסקאָכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאָכן.
אויסקאָכן — טרוו. קאָך אויס, ~געקאָכט.
1. קאָכן ביז עס ווערט פּאַרטיק. א, פֿלייש. „דעם חלבֿ צעשטאָכן, ער זאָל גוט א', עס זאָל אויס דעם פֿעטן געקעכטס טאַקע ווערן אַ גוט גערעכטס“, עט, לידער. 2. קאָכן ביז עס בלײַבט ניט מער. א, די גאַנצע זופּ. דאָס וואַסער האָט אויסגעקאָכט און דער טשײַניק האָט געפּלאַצט. *א, עמעצן (דאָס) וואַסער = אויסמאַטערן, אויסדינגען, דערגיין די יאָרן. „דאָס איז אַ ייִד וואָס האָט ליב א, וואַסער, דה אָפּזאָגן זאָגט ער ניט אָפּ, נאָר ער הייסט קומען מאָרגן, איבערמאָרגן“, שע, לכּבֿוד יוטטובֿ. „האָט זי געקויפֿט וואו זי האָט געקאָנט קריגן וועלוועלער און אויסגעקאָכט דאָס וואַסער פֿון בויך בײַם קרעמער“, ש. סײמאָן.
אויסקאָכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך היצן, זיך אַמפּערן און אויפֿהערן. „נו, האָסטו זיך שוין אויסגעקאָכט? וועסטו הערן וואָס מע רעדט צו דיר?“.
אויסקאָכעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקאָכן (זיך). אײַנשטילן אַן א'.

אויסקאָכער — דער, ־ס. מכשיר
אויסצוקאָכן, אויפֿצוקאָכן. אַן עלעקטרישער א'.
~געקאָלאָט(ש)עט. אויך: ~קאַ ט אויס,

אויסקאָלאָט(ש)ען
ש)ען.
— טרוו. ־אָט ש

סל. אויסשלאָגן, אויסקלאַפּן; אויסמישן. א,
מיט אַ שטעקן. „מע טאָר ניט א, ציקאָריע,
או ר לאָ קאָטק , קאַלאַקאָטשע ———
,.
אָפּשטיי ".
סקאַל
־
נ

טרוו. ־קע, ־טשע אויס; ~(גע)קאַלאַקאָטקעט,
־קאַלאַקאָטשעט. אויסקלאַפּן מיט אַ
קאַלאַקאָטקע, אַ הילצערנעם גראַגער. אויספּלאַפּלען
הויך, אַלעמען אויסדערציילן. א, אַ רכילותל.
אויסקאַלויצען — טרוו. ־צע אויס, ~(גע)־
קאַלויצעט. וורר. אויסקלאַפּן; אויסדרעשן. א,

תּבֿואה.
אויסקאַלופּע(נע)ן — טרוו. ־פּע אויס, ~ גערקאַלופּעט. לד, אוקר. אַרויסקריגן עפּעס פֿון אַ שפּאַלט, קאַרבֿ, שמאָלער פֿאַרטיפֿונג (מיט נעגל, שפּיציקן מכשיר). אויסדריבלען. מאַכן אַ לאָך דורך קאַלופּען. *א, די ציין =

אויסרייניקן די ציין מיט אַ העלצל, פֿעדער. *אויף אַ צאָן אויסצוקאַלופּען = אַ סך ווינציקער ווי עס איז נייטיק (וועגן שפּײַז, חיונה). *ניט האָבן אַ צאָן אויסצוקאַלופּען = ניט האָבן וואָס צו עסן. אויך מיט ז י ך. „הויל־נאַקעטע פֿייגעלעך, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אויסגעקאַלופּעט פֿון שאָלעכץ„, גח״ל [לעוונער], די צוואָה פֿון רבי משה אַריה'ס, אַדעס 1884.
אויסקאַליאַקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געקאַליאַקעט. סל. אויספּלאַפּלען, אויספּלוידערן.
י
אויסקאַליאַקען זיך — אוטוו. קזוו ← דפֿוו. 1. פּלאַפּלען צווישן זיך, אויסדערציילן פֿאַרשיידענע זאַכן איינער דעם צווייטן. 2. פֿאַרענדיקן קאַליאַקען. זיי זיצן שעהן־לאַנג און קענען ניט זיך א'.
אויסקאָלייען — ־לייע אויס, ~געקאָלייעט.

סל. אוטוו — אויספּירן. טרוו —
אויסכאָליען ←.
אויס, ~(גע)קאַליעטשעט. אויך: ~
קאַלעצעאויסקאַליעטשען (זיך) — טרוו. ־טשע

(נע)ן, ~קאַליצען. מאַכן אינגאַנצן פּאַר
אַ קאַליקע. צעקאַליעטשען אַ צאָל. „דער
לאַנגער אַרבעטסטאָג האָט אויסקאַליצעט די
שוסטער, געמאַכט זיי טעמפּ ניט נאָר זייער
פֿאַרשטאַנד, נאָר זייערע געפֿילן אויך„, דער
אידישער אַרבייטער, ווילנע, 1896.
אויסקאַליעטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסקאַליעטשען.
אויסקאַל(י)ען — טרוו. קאַל(י)ע אויס, ~
געקאַל(י)עט. סל. אויסשפּאַלטן, אויסהאַקן. דזוו
אויססקאַל(י)ען ←.
אויסקאָלירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקאָלירן.
אויסקאָלירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
קאָלירט. אויסמאָלן מיט קאָליר(ן). אויספֿאַרבן.
א, צייכענונגען, ווענט אאַזוו. „...קאַליקעס וואָס
האָבן באַלעבט און אויסקאָלירט די טעג און
די נעכט...‟, פּמ, איינט אויף איינס.
אויסקאָלירעכץ — דאָס (די), ־ן. (ניט־

געראָטענע) אויסקאָלירונג.
אויסקאַלכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאַלכן.
אויסקאַלכן — טרוו. קאַלך אויס, ~געקאַלכט. באַדעקן, אויספֿאַרבן, אויסשמירן מיט קאַלך. אויסווײַסן. א, די שטוב אויף פּסח.
אויסקאָ'לנערן — טרוו. ־נער אויס, ~ געקאָלנערט. 1. (שנײַדעריש) מאַכן אַ קאָלנער אויף אַ בגד. א, אַ קלייד. 2. אויספּוצן, אויסצאַצקען. אָפֿט מיט ז י ך.
אויסקאַלענד(ר)עווען — ־ענד(ר)עווע אויס, ~קאַלענד(ר)עװעט. אקוזוו — אויסגיין איבער הײַזער מיט געזאַנג צו קריגן געלט, שפּײַז, מתּנות [קריסטלעכער מנהג אין סלאַווישע לענדער אין דער נאַכט פֿון ניטל און נײַיאָר]; א, דאָס דאָרף. טרוו — אויסבעטלען. א, עטלעכע בלינעס.
~(גע)ק קאָטש — טרוו ־טש
ען .

לאַקאָאויסקאַל ע אויס,
עקאָטשעט. אויך: ~קאַ
טשען. אויספּלאַפּלען; אויסטומלען. ←
אויסקאַלאַקאָטקען. "וויי־ווי וואָס זיי האָבן דאָ

אויסקאַלעקאָטשעט!“

לערט. אויך: ~קוילערן. [אין לד ניט
פֿאַאויסקאָלערן — טרוו. ־ער אויס, ~

געקאָאויסקאָמפּלעטירן

-

ראַן]. אויסקײַקלען, אויסוואַלגערן. א, אין
שמוץ.
אויסקאָלערן זיך — קזוו. ← דפֿוו.
קעגנזײַטיק זיך אויסקײַקלען, אויסוואַלגערן. זיך א,
אין זאַמד, אויפֿן גראָז. “די קינדער שפּילן זיך
אויסק.ק לי.נג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
און ק לער זי אויס אויפֿן פֿרישן היי“.

רעזולטאַט פֿון אויסקאַלקולירן.
אויסרעכענונג.
אויסקאַלקולירן — טרוו. ־ליר אויס, ~(גע)־
קאַלקולירט. אויסרעכענען, אויסחשבונען. א,
גוט, ריכטיק, שלעכט, פֿאַלש אאַ.
אויסקאָמאַנדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~(גע)־

קאָמאַנדירט. 1. אַרויסגעבן באַפֿעלן ווי אַ
העכערער אין אַמט, טיטל; אַרויסזאָגן הויך
און באַפֿעלעריש די אײַנגעשטעלטע פֿאָרעם
פֿון באַפֿעל (בײַם מושטירן). סתּם באַפֿעלן.
2. אַוועקשיקן, אַרויסשיקן אין ענינים פֿון
(מיליטערישן אָדער ציווילן) דינסט. א, דעם
אָפֿיצער עפּעס איבערצוגעבן אין שטאַב.
אויסקאָמאַנדעווען — ־דעווע אויס, ~
געקאָמאַנדעוועט. אויך: ~קאַמאַנדעווען.
1. דזוו אויסקאָמאַנדירן בּ1. „דער ראָש
החבֿרה [קדישא] האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט: לאָז
ער דאָ ליגן [דער מת] אָדער לאָז זי אים
אײַנזאַלצן“, ייִפֿאָל, 38 1885, No. „זאָל זײַן
שטיל! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט דער
בעלהבית„, שע פֿונעס יאַריד. 2. ווילדעווע,
,
מאַכן שטיק. „וואָס דער יונגאַטש
קאָמאַנדעוועט עס אויס במשך פֿון איין טאָג!“
אויסקאָמבינירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאָמבינירן. קונצ־
קע א!.
אויסקאָמבינירן — טרוו. ־ניר אויס,
~(גע)קאָמבינירט. דורכפֿירן ביזן סוף אדן
עפּעס אויפֿטאָן מיט אַ קאָמבינאַציע;

אויסרעכענען מיט אַ המצאה, אײַנפֿאַל. א אַ גוטן

,

גאַנג אין שאָך. א, דעם ריכטיקן פּלאַן.

אויסקאַמונג, ~קאַמען — אין לד. אין

אוקר: ~קאָמונג, ~קאָמען. דזוו

אויסקעמונג ←, אויסקעמען ←.

אויסקאָמענטירן — טרוו. ־טיר אויס,

~קאָמענטירט. אויסטײַטשן, בּ1. עפּעס

אַרויסבּרענגען בײַם קאָמענטירן נײַס,

פּאָליטישע סיטואַציע. א, אַ נצחון, ווען מען איז

בּאמת גאָר דורכגעפֿאַלן.

אויסקאָמפּאַנירן — טרוו. ־ניר אויס,

~קאָמפּאַנירט. אויך: ~סקאָמפּאַנירן.

צונויפֿנעמען אין אַ קאָמפֿאַניע, גרופּע;

אויסטיילן אין גרופּעס. א, די ווילדע חבֿרה

בּאַזונדער און די סטאַטיקעס בּאַזונדער.

אויסקאָמפּאָנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~קאָכ ־

פּאָנירט. 1. פֿאַרענדיקן (אָדער אינגאַנצן)

שאַפֿן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. א אַ

קאַנ,

-

טאַטע. 2. צונויםשטעלן אַ סקולפּטור־גרופּע, קאָמפּליצירט בּילד.
אויסקאָמפּאַנירן זיך — אוטוו, קזוו. 1. (אָן אָנווײַז, בּאַפֿעל) זיך צונויפֿנעמען אין אַ גרופּע, קאָמפּאַניע. 2. ווערן חבֿר, אַרומגיין מיט עמעצן. א, זיך מיט צעלאָזענע יונגען.
אויסקאָמפּלעטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~קאָמפּלעטירט. אויספֿולן, אויספֿילן אַ גאַנג (בּיכער), קאָלעקציע; מאַכן עס זאָל זײַן אַ

אויסקאַנדידירן

קאָמפּלעט. א, אַ זאַמלונג מאַרקעס, בּילדער אע.
אויסקאַנדידירן — אוטוו. ־דיר אויס, ~ קאַנדידירט. אויך: ~קאַנדידאַטירן. זײַן אַ קאַנדידאַט אויף אַ צאָל (געקליבּענע) אַמטן אָדער אַ צאָל מאָל. א, בּײַ אַלע וואַלן צום סיים (פּאַרלאַמענט). א, אין עטלעכע וואַלקרײַזן [אין אומאָפּהענגיקער ליטע צווישן בּיידע וועלט־מלחמו □].
אויסקאַנויקען — ־קע אויס, ~(גע) קאַנויקעט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן וויינען ווי אַ הונט אָדער אַ קאַץ. (אויך וועגן אַ קינד וואָס רעדט וויינעדיק און פֿאַרצויגן). טרוו —

עפּעס פּועלן דורך קלאָגן זיך, לאַנג און וויינענדיק בעטן. א, אַ ביין. א, מע זאָל עס מיטנעמען.

אויסקאַנויקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

קאַנויקען און אויפֿהערן. קלאָגן און וויינען אַ גאַנצע שעה, ביז מע קאַנויקעט זיך אויס.

אויסקאָנטאַקטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~קאָנטאַקטירט. אײַנשטעלן אַ קאָנטאַקט, פֿאַרבינדונג, מיט אַ צאָל מענטשן (אינסטיטוציעס). א, מענטשן מיט השפּעה, א, מלוכהאַמטן. אויך אוטוו. א, מ י ט.

אויסקאָנטיקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאָנטיקן. 2. סימן, צייכן וואָס ווערט בכּיוון געגעבן, געשאַפֿן.

אויסקאַנטיקן — טרוו. ־טיק אויס, ~ געקאַנטיקט. מאַכן (בולטע) קאַנטן, בּרעגן, ראַנדן. א, דעם טיש מיט אַ האַלבּ־קײַלעכדיק לײַסטל.

אויסקאָנטיקן — טרוו. ־טיק אויס, ~ געקאָנטיקט. מאַכן בולט, קאָנטיק; צוגעבן סימן אויף צו דערקענען. א, אַ געצעלט מיט אַ פֿאָן. א אַ קו מיט אַ גלעקל אויפֿן האַלדז.

אויסקאָנטיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

(ממילא, אָן אַ כּוונה) זיך אויסצייכענען, זיך אַרויסהייבּן. „אָ, איר קאָנטיקט זיך אויס מיט אײַער וואוקס“. זיך א, מיט די רויטע האָר.

אויסקאַנטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~געקאַנטעוועט. 1. אויסקאַנטיקן. 2. אויסצייכענען אויף פּאַפּיר מיט דער הילף פֿון אַ קאַנטל, אַ ווירע. א, גלײַכע פּירעקיקע פֿיגורן.

אויסקאָנטראָלירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאָנטראָלירן. “נאָו דער גרונטיקער א, האָט מען אַרעסטירט דעם בוכהאַלטער“.

אויסקאָנטראָלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~(גע)קאָנטראָלירט. גרינטלעך, בּיזן סוף איבּערקוקן, אינספּעקטירן (אַ צאָל זאַכן, ענינים). א, אַלע חשבּונות.

אויסקאָנטראַקטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~קאָנטראַקטירט. 1. אויסדינגען, אויסרעדן אָדער אויסשרײַבּן בּײַ אַן אָפּמאַך. א, דעם טערמין און די פּרײַזן פֿאַר אַלע בּאַשטעלונגען. 2. פֿונאַנדערטיילן אַרבּעט (בּאַשטעלונגען) צווישן אַ צאָל. א, אַ האַלבּן מיליאָן הויזן פֿאַר דער אַרמיי.

אויסקאַנטשיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געקאַנטשיקט. אויסבּײַטשן, אויסקלאַפּן מיט אַ

קאַנטשיק. א, די ווילדע יונגען.
אויסקאָנטשען — [אָפּט ווייכע נ] טרוו. ־טשע
אויס, ~געקאָנטשעט. אויסענדיקן. א, די
ערבֿ־פּסחדיקע אַרבעט. א, דעם אַרבל, די קאַפּאָטע.

334

אויסקאָנטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אינגאַנצן פֿאַרניצט ווערן, מער ניט בלײַבן פֿון
אַן אָנגרייט. „צוקער און פּוטער האָבן זיך
בײַ מיר אויסגעקאָנטשעט און איך דאַרף נאָך
באַקן זיס געבעקס„.
אויסקאָניוגירן — טרוו. ־גיר אויס, ~
קאָניוגירט. בייגן ווערבן (וואָס און וויפֿל מע
דאַרף). א, די שווערע פֿראַנצייזישע ווערבן.
אויסקאַניוטשען (זיך) — ־טשע (זיך)
אויס, (זיך) ~(גע)קאַניוטשעט. דזוו
אויסקאַנויקען (זיך) ←.
אויסקאָנסולטירן — אוטוו & טרוו. ־טיר
אויס, ~קאָנסולטירט. 1. אויספֿרעגן עצות,
אָנווײַזונגען; זיך מיישבֿ זײַן מיט אַ צאָל. א,
(מיט) די ספּעציאַליסטן. 2. געבן עצות,
אָנווײַזונגען.
אויסקאָנען — אַקוזוו. קאָן אויס, ~געקאָנט.

דזוו אויסקענען ←. [טייל ריידערס מיִען זיך
אויפֿצוהיטן דעם חילוק צווישן אויסקאָנען =
זײַן בכּוח און אויסקענען = וויסן].
אויסקאָנען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו
אויסקענ□ן זיך ←.
אויסקאָנסיסקירונג — די, ־ען. פּראָצעס
פֿון אויסקאָנפֿיסקירן. די א, האָט אונדז בּדלות
געשטעלט.
אויסקאָנפֿיסקירן — טרוו. ־קיר אויס,
~(גע)קאָנפֿיסקירט. אינגאַנצן (אַלץ)
רעקוויזירן, סעקוועסטרירן; מיט מלוכה־מאַכט
צונעמען אַ צאָל זאַכן וואָס מע טאָר ניט האָבן, ניצן.
א, קאָנטראַבאַנד, אומלעגאַלע ליטעראַטור,
בּראַנפֿן אאַ.
אויסקאָנקורירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסקאָנקורירן. פֿאַרבּיסענע א'.
אויסקאָנקורירן — טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־
קאָנקורירט. אויסשטײַגן, איבערשטײַגן אין
פֿאַרמעסט, געשעפֿט. א אַלע אַנדערע
קרע,

מערס. א, מיט קענטענישן.
אויסקאָסטן — אוטוו. קאָסט אויס, ~ געקאָסט. קאָסטן טײַער, אַ סך. „ווער ווייסט וויפֿל דאָס וועט א'? אפֿשר אַ מאַיאָנטיק!“
אויסקאַסטרירן ▯ טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)־קאַסטריט. אויסשנײַדן טעסטיקלען, מסרס זײַן, עמאַסקולירן אַ צאָל. א, די בולן. א, זינגערלעך (פֿאַרן פּויפּסלעכן כאָר אין מיטלעלטער).
אויסקאַסירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסקאַסירן.
אויסקאַסירן — טרוו. ־סיר אויס, ~(גע)־קאַסירט. אויך: ~סקאַסירן. אַנולירן (אַ צאָל זאַכן), אָפּשאַפֿן, בטל מאַכן. א, די שלעכטע מאָדע. “שאול האָט אויסגעקאַסירט אַלע מכשפֿות פֿון ארץ־ישׂראל”, אמד, דער טויטע[ר] גאַסט, ווילנע 1869.
אויסקאַסעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געקאַסעוועט. אָפּט מיט ז י ך. אויסליידיקן, אויסבּרעכן, אויסשיידן. דרייזין. ← דפֿוו.
אויסקאָסען — טרוו. ־סע אויס, ~געקאָסעט. אויך: ~קאָשען. פֿאַרענדיקן קאָסען; אַראָפּשנײַדן גראָז, תּבֿואה. א, די גאַנצע לאָנקע, א, דאָס גראָז.

אויסקאַסענירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
געקאַסענירט. אויך: ~קאַשענירן.

אויסדינאויסקאַפּריזעווען זיך

גען, שטאַרק אַראָפּקוועטשן דעם פּרײַז. „איך
האָב געמוזט אַוועקפֿאָרן, האָט מען בײַ מיר
אויסגעקאַסענירט די סחורה“.
אויסקאַסענירער — דער, ־ס. ווּ ־קע, ־ס.
ווער עס קאַסענירט אויס. אויסניצער. „די א'קע
לויפֿט צו אַלע אויקציאָנען„.
אויסקאַספּערן — טרוו. קאַספּער אויס,
~געקאַספּערט. פּפּ: ~קאַשפּערן ←.
אויסנאַרן, אַרויסקריגן דורך שווינדל,
פֿאַלשקייט; אויסמאַנטען. א, געלט. א, עמעצן.
אויסקאָסקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געקאָסקעט. דזוו אויסקאָשקען ←.
אויסקאַפּאַ'יען —. טרוו. ־אַיע אויס, ~(גע)־
קאַפּאַיעט. סל. אויסגראָבן. א, פֿון אונטער
דער ערד. א, אַן אַלטע געשיכטע.
אויסקאַפּאַ'יען זיך — ← דפֿוו. זיך
אַרויסדרייען, זיך אַרויסבאַפֿרײַען. זיך א, פֿון סוד
(געריכט).

אויסקאַפּוזען — טרוו. ־זע אויס, ~(גע)
קאַפּוזעט. וורר. אָפּט מיט זיך. צעמישן, צעטומלען, פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. א, עמעצן מיט אַ ים רייד, מיט ווילדע צוזאָגן.
אויסקאָפּירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
קאָפּירט. 1. פֿאַרענדיקן קאָפּירן; מאַכן אַ צאָל קאָפּיעס. נאָכשרײַבן, איבערשרײַבן. א, דאָקומענטן. 2. נאָכמאַכן. א, אַלע זײַנע גענגעלעך.
אויסקאַפּנייען — טרוו. ־נײַע אויס, ~
געקאַפּנייעט. פּר. אויסצאָלן בּיסלעכווײַז; א, (אַ חובֿ) גראָשנווײַז. בּימקאָ. „איך קען דיר קיין געלט ניט בּאָרגן, דו קאַפּנייעסט עס אויס גילדנווײַז", ל. לעהרער.
אויסקאַפּסלען — טרוו. ־סל אויס, ~
געקאַפּסלט. (אַפּטייקערײַ) אַרײַנשיטן אין קאַפּסלען. א, דעם פּראָשעק.
אויסקאַפּען — ־פּע אויס, ~געקאַפּעט. פּד:
~קאַפּיען. דזוו אויסטריפֿן. *א, אַ חובֿ (מיט טיילעפֿעלעך) = אויסצאָלן טראָפּנווײַז, אויסקאַפּנייען.
אויסקאָפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~געקאָפּעט.
1. אויסגראָבן. א אַ גרובּ. „כ'האָבּ שוין אויסגעקאָפּעט אַלע מאַנדעבּורקעס" [= מין

קאַרטאָפֿל], קאָלאָמיי. „האָבן עטלעכע ייִדן... געגומען מיט די נעזער פֿון זייערע שיך א, אַ פֿונדאַמענט“, נאַד. 2. אויסבריקען. א, מיט די פֿיס.

אויסקאָפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסקאָפּען.

אויסקאַפּריזעווען — ־זעווע אויס, ~(גע)־ קאַפּריזעוועט. אוטוו — ווערן מיטאַמאָל קאַפּריז. „שטענדיק פֿאָלגט ער, אָבער גראָד הײַנט האָט ער אויסקאַפּריזעוועט“. טרוו — 1. מאַכן קאַפּריז. „אַז מע גיט אַ קינד אַלץ נאָך, קאַפּריזעוועט מען אים אויס„. 2. מאָכן עפּעס אויף אַ קאַפּריזנעם אופֿן. „אייניקע אותיות פֿלעגט ער אַזוי...א', אַז מע פֿלעגט זיך כסדר חידושן“, מוק, מײַנע באַגעגענישן.

אויסקאַפּריזעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אויפֿהערן זײַן קאַפּריז. „ערשט נאָך דעם א, זיך האָט דר, סאָכאַצקי געלאָזט אַהרן פֿעלדשער זאָל אים אויסטאָן ס'פֿוטער„, דעמבלין, ערבֿ נאַכט. 2. דזו אויסקאַפּריזעווען, אוטוו.

אויסקאָציען זיך

אויסקאָציען זיך — אוטוו. ־ציע זיך אויס,
זיך ~געקאָציעט. וורר. דזוו אויסקעצלען
זיך ←.
אויסקאָצן — טרוו. קאָץ אויס, ~געקאָצט.
אַרכ. אויסבּרעכן, אויסמייקענען. ,,ווען דוא
ווערט צו פֿיל עשין ווערשטו אים ווידר אויש
קוצין“, מהמ, ריה/בּ.
אויסקאַקן — טרוו. קאַק אויס, ~געקאַקט.
וואול. 1. אויסשיידן צואה אָדער עפּעס מיט
דער צואה. א, אַ מטבע. 2. טאָן עפּעס
אומגעראָטנס, שלעכטס, אויף אַ מיאוסן אופֿן.
3. אָפּצאָלן חובֿ אין גראָשנס. א אַלע פּורים

,

אַ גראָשן.
אויסקאַקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אָפּטאָן נאַטירלעכע באַדערפֿענישן, זיך אויסל
ידיקן. 2. קוים זיך אויסקלייַבן עפּעס צו
טאָן; טאָן עפּעס לענגער (פּאַמעלעכער) ווי מע
דאַרף.
אויסקאָקסן, ~קאָקען — טרוו. קאָקס,
קאָקע אויס;~געקאָקסט, ~קאָקעט. cock: < .
אויסדרייען האָר אויפֿן שפּיץ קאָפּ ווי אַ מין
בּערגעלע אָדער צונויפֿלייגן צאָפּ (צעפּ) אויפֿן

שפּיץ קאָפּ. א אַ פֿריזור, א, האָר, צעפּ.

,

אויסקאָקעטירן — ־טיר אויס, ~קאָקעטירט.
אוטוו — אָנהייבן קאָקעטירן; שטאַרק, בולט אָדער אַ לענגערע צײַט קאָקעטירן. א, מיט די שיינע אריגן. טרוו — עפּעס דערגרייכן דורך קאָקעטירן. א, אַ פֿאַרבעטונג צום טאַנץ.
אויסקאָקעטירן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן קאָקעטירן, זײַן אַ קאָקעטקע. "דער פֿאָטער איז קראַנק געוואָרן, האָט זי זיך אויסקאָקעטירט און געמוזט שטיין אין קרעמל", רייד.
אויסקאַראַבקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אויס, זיך ~(גע)קאַראַבקעט. סל.
אַרויסדראַפּען זיך. אַרויסקריכן מיט די הענט און פֿיס. א, זיך פֿון אַ שווערער לאַגע.
אויסקאָראָ'ניען (זיך) — ־ניע (זיך) אויס, (זיך) ~געקאָראָניעט. סל. דזוו אויסקאָר(ע)נייען (זיך). „אונדז פֿעלט אונטער די פֿיס אַ באָדן, לעבעדיקע ערד! זיך אויסגעקאָראָניעט און אין ערגעץ ניט פֿאַרפֿלאַנצט", הר, אונדזער ערד.
אויסקאַראַסקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אויס, זיך ~(גע)קאַראַסקעט. 1. דזוו אויסקאַראַבקען זיך ←. 2. דזוו אויסקאַרסקענען (זיך)

.←

אויסקאַרבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאַרבן. אַ קונציקע א'.

אויסקאַרבן — טרוו. קאַרב אויס, ~ געקאַרבט. קאַרבן ביזן סוף. מאַכן אַ צאָל קאַרבן, אײַנשניטן. א, צײַנדלעך. א, אַ שטעקל. "מיט אַ הילצערנעם לעפֿל אויסגעפֿערטלט און שײן אויסגעקאַרבט די געלע פּוטער", מעצקער, זיידנס פֿעלדער.

אויסקאַרגן — טרוו. קאַרג אויס, ~געקאַרגט. קאַרגן אין אַ גרויסער מאָס. אײַנשפּאָרן עפּעס בנוגע צו אַ צאָל מענטשן. א, דעם ביסן פֿון מויל. „אַז מע קאַרגט אויס אַ גראָשן דאָ און אַ גראָשן דאָרט, קומט מען ווי ניט איז דורך", רייד.

אויסקאַרגער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־ס. ווער עס קאַרגט אויס. „אַן א, איז ניט קײן אײַנבּרענגער„, שוו.

אויסקאַרגערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג, פֿירונג פֿון אויסקאַרגער.

אויסקאָרזשען — טרוו. ־זשע אויס, ~

געקאָרזשעט. פּד. אויסטרייסלען, אויסשטויבּן
דורך אויסקלאַפּן. א, די טיכער, דעם דיוואַן.
אויסקאָרטשעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געקאָרטשעוועט. 1. אויסוואָרצלען.
אַרויסציִען מיטן וואָרצל. א, יונגע בּיימלעך,
קראָפּעווע. 2. אויסגראָבּן פּענ(י)עס און וואָרצלען
פֿון בּיימער. א, די ערד און אויסאַקערן.
אויסקאָרטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסקאָרטשען.
אויסקאָרטשע(נע)ן — טרוו. ־טשע אויס,
~געקאָרטשעט. 1. אויסבּייגן, אויסקנייטשן.
א אַן אַרבּל. א אַ געפּרעסט קליידל. 2.
אויס, ,
קאָרטשעווען. ,,די גערטנער שטייען אָפֿן...
זײַנען פֿערד און קי...אָנגעקומען... און
אויסגעקאָרטשעט דאָס וואָס דער מענטש האָט
דורכגעלאָזן", ראָלניק, 'סוף זומער'.
אויסקאַרירן — טרוו. ־ריר אויס, ~
געקאַרירט. 1. אויסמאָלן, אויספֿאַרבּן אין
קעסטעלעך פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן. א, דעם דיל,
דאָס בּרעטל. 2. אויספֿאַרבּן אין בּרוין אָדער
טונקל־רויט.
אויסקאָרמעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקאָרמע(נע)ן (זיך).

אויסקאָרמע(נע)ן — טרוו. ־מע אויס, ~ געקאָרמעט. 1. אויסשפּײַזן, אויסהאָדעווען. „א, אַזאַ כאַל אַסטרע איז ניט קיין קלייניקייט".
,

2. אויספּיטערן, אויספּאַשען. א, גענדז אויף שמאַלץ, דעם אינדיק אויף פסח. *א, אויף איין (דער לינקער) זייט = געבן צו עסן ניט גענוג אָדער אַ סך, אָבער וואָס געפֿעלט ניט. „מען האָט אים אויסגעקאָרמעט אויף דער לינקער זײַט און עס האָט אים פֿאַרשאַט". פּפֿ: ~קאָרמעווען. „ווען מע קאָרמעוועט מיט זיי [קוקורוזע, קאַבאַק...] אויס חזירים", ק. גיטמאַן, די נויטיקסטע אַגראָנאָמישע יעדיעט..., טשערקאַס 1929 ▯
אויסקאָרמע(נע)ן זיך — ← דפּוו. ווערן דיק, פֿעט. „דאָס יאָר האָט ער זיך אויסגעקאָרמעט און זיך אויסגעבײַכלט און איצט הייסט דער דאָקטער פֿאַרלירן וואָג", רייד.
אויסקאַרסקענען — טרוו. ־קע אויס, ~ געקאַרסקעט. אויך: ~קאַרשקענען. זאַמעט. < ליט. אויסגראַבלען אין שטויב (זאַמד). "די הון האָט אויסגעקאַרסקעט אַ גריבל און געפֿונען אַ קערנדל".
אויסקאַרסקענען זיך — ← דפּוו. זיך

אַרויסדראפּען, זיך אויסקאַראַבקען.

אויסקאָרעגירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקאָרעגירן.

אויסקאָדעגירן — טרוו. ־גיר אויס, ~(גע)־קאָרעגירט. אויספֿאַרריכטן גרײַזן. א, דעם מאַנוסקריפּט, די העפֿטן פֿון די תּלמידים.

אויסקאָרעזשירן — טרוו. ־זשיר אויס, ~קאָרעזשירט. דזוו אויסקאָרעגירן ←. „איך וועל דען ניט אַליין קענען א, די גרײַזן אין אײַער לידל?“, אר, 'דער קאָרעקטאָר'. [נר.]

אויסקאָרעניי'ען, ~קאָרע'ניען, ~קאָרענ□ען — טרוו. ־נײַע, ־ניע, ־נִיע אויס; ~געקאָראָנייעט, ~געקאָרעניעט, ~געקאָרענִיעט. אויך: ~קאָרניי'ען, ~קאָרי'ניען.

אויסקהלן זיך

1. אויסוואָרצלען, אויסרײַסן מיטן וואָרצל. א, שלעכטע מידות. א, יעדער זכר פֿון עבֿודהזרה. „פֿון דעמאָלט אָן האָט זי גענומען אויסקאָרעניען אין מיר די דאָזיקע תּנועות“, ש□[, פֿונעם יאַריד I. [אָבער ניט א, אַ געוויקס].
2. בכלל אויסרײַסן, אומבּרענגען. א, די רשעים. „האָבן פֿיל תּפֿילות פֿאַרבראַכט דעם

...

אַפּיקורס אויסצוקאָריניִען, ס'האָט אָבער אַלץ
נישט געהאָלפֿן", [חיים מאַלאגאַ], 'גדולת ר,
וואָלף, [יפּ]. „המן...האָט באַלד געלאָזט
אונטערשרײַבן אַן אוקאַז...מע זאָל 13 טאָג אין
אָדר ייִדן אויסקאָרענייען", קמ, 1866 7, No.
קללות. עס זאָל דיך (דיר) א,! ווען ווּעסטו
אויסקאָרענייעט ווערן? „אויסקאָרענייען זאָל עס
דיך! וואוהין בינסטו געלאָפֿן?", בערג, בײַם
דניעפּער I. „ברענען, א, ביזן כריסטאָס
אַרײַן...גאָטעניו!", א. מ פֿוקס, אויפֿן בערגל.

.

אויסקאָרק(עווע)ן — טרוו. קאָרק(עווע)
אויס, ~געקאָרק(עווע)ט. פֿאַרקלאַפּן מיט אַ
קאָר(י)ק אַ צאָל פֿלעשער. פֿאַרענדיקן
קאָרקעווען. „הײַנט איז פֿאַראַן ווײַן וואָס מע דאַרף
צעגיסן אין פֿלעשער און א'", שע,
בלאָנדזענדע שטערן I.

אויסקאַרקען — ־קע אויס, ~געקאַרקעט.
דזוו אויסקראַקען ←. א, ווי אַ ראָב.

אויסקאָ'שיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געקאָשיקט. אויסטיילן, אויסשיטן אין קאָשיקעס.
א, דעם זאַק עפּל און פֿונאַנדערטראָגן איבער
די הײַזער.

אויסקאָשלעווען — טרוו. ־לעווע אויס, ~געקאָשלעוועט. פּר. סל. אויסקרימען, אויס דרייען. א, די שיך.
אויסקאָשען — טרוו. ־שע אויס, ~געקאָשעט. פּד. דזוו אויסקאָסען ←.
אויסקאַשענירן — טרוו. ־ניר אויס, ~ געקאַשענירט. דזוו אויסקאַסענירן ←.
אויסקאַשפּערן — טרוו. ־ער אויס, ...,
געקאַשפּערט. אויך: ~קאַספּערן. 1. אויסנאַרן, אַרויסקריגן דורך שווינדל פֿאַלשקייט.
,
אויסמאַנטען. ,,ער האָט אין וועג אויסגעקאַשפּערט בײַ מיר אַ העלפֿט פֿון מײַנע שווער אויפֿגעזאַמלטע קאָפּייקעס,,, אמד. ,,איינמאָל האָט איינער געבראַכט תּבֿואה און קאַרטאָפֿל צו פֿאַרקויפֿן, זײַנען אים באַפֿאַלן די חבֿרה און האָבן אַלעס אויסגעקאַשפּערט'', יי אָל, 22 1881 X. ''איך וועל שוין זען וואָס צו טון, איך וועל שוין עפּעס א''', פּרץ, 'ער ז,,ל און זײַנע מקורבֿים'. *א, די בכורה פֿאַר אַ טאָפּ לינדזן. 2. אויסזוכן; אַרײַנקריגן. ,,איך האָב ערגעץ אויסגעקאַשפּערט אַ צווייער און געלאָפֿן קויפֿן...באָקסער'', פּרץ, 'דער נזיבֿן,. ,,טרײַנע־מירל קאַשפּערט ערגעץ אויס אַ

הערינג“, פּרץ, 'דער בּעשט'.
אויסקאָשקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געקאָשקעט. אויסגלעטן, אויסצערטלען.
אויסקהלן זיך — [...קאָ'האָלן] אוטוו. קהל
זיך אויס, זיך ~געקהלט. 1. אַקטיוו זיך
בּאַטייליקן אין (אַ צאָל) געזעלשאַפֿטלעכע
ענינים. „אומעטום שטופּט ער זיך, אומעטום
קהלט ער זיך אויס“. 2. אויפֿהערן זיך
קהלן. „ער האָט זיך אויסגעקהלט און זיך
גענומען צו אייגענע געשעפֿטן“.

אויסקובּן

אויסקובּן — טרוו. קובּ אויס, ~געקובּט.
(מאַט) בּרענגען אין דער דריטער מדרגה. א,
צאָלן, אַ גלײַכונג. [אין לשון פֿון תּלמידים,
קאָוונע, ווילקאָמיר].
אויסקודאַכטשען — אוטוו. ־טשע אויס,
~געקודאַכטשעט. אָנהייבּן אָדער אויפֿהערן
קוואָקען (וועגן אַ הון אָדער ווי אַ הון).
אויסקודלען, ~קודרעווען — טרוו.
קודל(ע), ־רעווע אויס; ~געקודל(ע)ט, ~
קודרעוועט. מאַכן (האָר) זאָל זײַן קודלעוואַטע,
מיט קודרעס. [„יודל פּודל, יודל קודל, קודל

אויס און גיי אַרויס", קל זיך צו רייצן מיט אַ ייִנגל וואָס הייסט יודל].

אויסקוואַדראַ'טעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~געקוואַדראַטעוועט. אויסצייכענען אין פֿאָרעם פֿון קוואַדראַטן. א אַ ד אַגראַם.

ֿ ,

אויסקוואַדרעווען — טרוו. ־רעווע אויס, ~געקוואַדרעוועט. פֿונאַנדערטיילן; איַינטיילן, באַשטימען חלקים (אויף אַ יושרדיקן אופֿן). ל 1, ל2.

אויסקוואַטש(ע)ן — ־טש(ע) אויס, ~ געקוואַטש(ע)ט. אוטוו — אַרויסגעבן קלאַנג(ען), ענלעך צום גערויש פֿון קנעטן טייג. „די שטיוול קוואַטש(ע)ן אויס אין דער טיפֿער בלאָטע". טרוו — אויסקוועטשן, אויסקנעטן עפּעס וואָס איז שיטער און אומריין. „די קינדערשע הענטלעך קוואַטש(ע)ן אויס פֿײַכטן זאַמד".

אויסקוואַטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געקוואַטשקעט. 1. אויספּאַטשקען, אויסשמירן. 2. מאַכן נאַס און בּרודיק; אויסקוואַטש(ע)ן.

אויסקוואָטשקען — ־קע אויס, ~ געקוואָטשקעט. ← אויסקוואָקטשען. אוטוו — (אָנהייבּן)

אַרויסגעבּן קלאַנגען (ווי) פֿון אַ הון, ספּעצ
פֿאַרן לייגן אַן איי. א, און לייגן אַן איי. טרוו
— עפּעס אויסדריקן דורך אַזעלכע קלאַנגען. די
אַלטיטשקע קוואָטשקעט אויס איר
אומצופֿרידנקייט. מיט ז י ך. ← אויסקוואָקטשען
זיך.

אויסקוואַל — דער, ־ן. אָרט פֿון וואַנען עס
קומט אַרויס אַ שטראָם. „צווישן די ביידע
פֿעלדזן איז דער א, פֿון דעם טײַכעלע„.

אויסקוואַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
אופֿן פֿון אויסקוואַלן. קילע א,; קוים
קענטלעכע א'.

אויסקוואַלן — אוטוו. קוואַל אויס, ~
געקוואַלט. 1. שטענדיק אַרויסקומען פֿון
אונטערבּאָדנדיקן וואַסער. דאָס וואַסער קוואַלט
אויס פֿון אַ פֿעלדז. 2. אויפֿהערן זיך
באַווײַזן פֿון אונטערן באָדן (ווענגן וואַסער). „דער
בּרונעם איז כּמעט טרוקן, דאָס וואַסער קוואַלט
שוין אויס“. 3. זײַן סיבה, מקור פֿאַר עפּעס.
פֿון וואַנען זאָל א, אַזאַ ידיעה?

אויסקוואַסע(נע)ן — טרוו. ־סע אויס, ~
געקוואַסעט. אויך: ~קוואַשען. וורר. סל.
אַוועקשטעלן צום פֿאַרזײַערן, אויסזײַערן. א,
באַרעלעך. א, קרויט = [געוויינטלעך] שטעלן

קרויט.
אויסקוואַפּעניש — דאָס (די), ־ן. עפּעס
אויף וואָס מע קוואַפּעט זיך. „זעט נאָר דאָס
א, זײַנס! ס'האָט זיך טאַקע געלוינט זיך צו
יאָגן נאָך איר!„„ רייד.

336

אויסקוואַפּע(נע)ן זיך — אוטוו. ־פּע זיך
אויס, זיך ~געקוואַפּעט. 1. דזוו קוואַפּען זיך,
נאָר עמפֿאַטישער. שטרעבן צו דערגרייכן (
געניסן פֿאַרמאָגן) אַזוינס וואָס איז קוים ווערט די

,

אָנשטרענגונג. „אויף וואָס האָסטו זיך דאָ אַזוי
אויסגעקוואַפּעט?“ זיך א, אויף גאָרנישט מיט
נישט. 2. אויסלאָבן זיך; האָבן הנאה פֿון
עפּעס וואָס מע האָט באַקומען (דערגרייכט).
אויסקוואָקטשען — ־טשע אויס, ~
געקוואָקטשעט. ← אויסקוואָטשקען. אוטוו —
אָנהייבן אַרויסגעבן קלאַנגען ווי אַ הון,
באַזונדערש ווען זי האַלט בײַם לייגן אַן איי. טרוו
— אַרויסזאָגן עפּעס מיט זיפֿצן, קרעכצן,
שטיל באַקלאָגן זיך. א אַ פֿאַרלאַנג, בקשה.

,

אויסקוואָקטשען זיך אוטוו. ← דפּוו.
אויסקוואָקטשען און אויפֿהערן. זיך גרינגער מאַכן דורך שטילן באַקלאָגן זיך. „די הון האָט זיך אויסגעקוואָקטשעט און געלייגט אַן איי“. „די אַלטיטשקע קוואָקטשעט זיך אויס און נעמט ווידער אַרבעטן אַ זאָק“.
אויסקוואָקטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסקוואָקטשען (זיך).
אויסקוואַקען — ־קע אויס, ~געקוואַקעט.
אוטוו — אָנהייבן (מיטאַמאָל) אַרויסברענגען קלאַנגען קוואַ־קוואַ, פֿון (ווי) אַ פֿראָש. [אויך מיט ז י ך. קוואַקען און אויפֿהערן. „די פֿרעש האָבן זיך אויסגעקוואַקעט און עס איז אינגאַנצן שטיל“]. טרוו אַרויסזאָגן עפּעס אויף

אַ נודנעם אופֿן, איינטאָניק. א, אַ גאַנצע מעשׂה.
אויסקוואָקען — ־קע אויס, ~געקוואָקעט.
אוטוו & טרוו. דזוו אויסקוואָקטשען ←. „ לייבצע איז איינער פֿון יענע לײַט דאָרט וואָס קוואָקען אויס אויף פֿײַנע בריות“, ממוס, וודנטשפּ. „זיי קוואָקען אויס דאָס יונגע האַרצ ווייטיק“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. אויך מיט ז י ך.
אויסקוואָקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אויסקודאָקען (זיך).
אויסקוואַרטירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקוואַרטירן. קריגערייַ
איבער דער א, פֿון פּליטים.
אויסקוואַרטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
קוואַרטירט. אויסטיילן אַ גרופּע (
געוויינטלעך זעלנערס) אין (פֿאַרנומענע אָדער ליידיקע)
דירות אויף אַ באַשטימטער צײַט. א, די ראָטע
אויף דער וואָך פֿון די מאַנעוורעס.
אויסקוואַרטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
געקוואַרטלט. אײַנטיילן אין קוואַרטלען, אין פֿיר
טיילן אָדער פֿיר מאָל אַ יאָר (אויסצוצאָלן
אָדער צו קריגן עפּעס). א, חובֿ, די סומע
פֿון חובֿ; א, דיווידענדן.
אויסקוואַרן — קוואַר אויס, ~געקוואַרט.
אוטוו — ווערן דאַר און קוואַר, ווערן
אָפּגעשוואַכט. „אין קעלער און בײַ מײַנע קעסט
קוואַרן די קינדערלעך נעבעך אויס“. טרוו —
ברענגען דערצו מע זאָל ווערן אָפּגעשיואַכט,
אײַנגעשרומפּן. „מע האָט אים געהאַלטן אויף
טרוקן ברויט און מע האָט אים
אויסגעקוואַרט“, רייד.
אויסקוואַשען — טרוו. ־שע אויס, ~
געקוואַשעט. וורר, אוקד. דזוו אויסקוואַסען ←.

אויסקוויטירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסקוויטירן. די א, איז ניט אין אָרדענונג.

אויסקוועטשן

אויסקוויטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־קוויטירט. 1. אויסרעכענען חובֿ (תּבֿיעה) און אויסצאָלן אינגאַנצן (מיט געלט אָדער שווה כּסף). 2. אַרויסגעבֿן קוויטן, קבֿלות, באַשטעטיקונגען אויף געלט, זאַכן. א, די נדבֿות.

אויסקוויטירן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. זיך אויסרעכענען קעגנזײַטיק און אויסגעפֿינען (אײַנזען) אַז מען איז גלײַך אויף גלײַך. „נו, איך האָבֿ דיך באַצוולט, דו האָסט מיך געזידלט — מיר האָבֿן זיך אויסגעקוויטירט“, רייד.

אויסקוויטעווען — סרוו. ־עווע אויס, ~ געקוויטעוועט. דזוו אויסקוויטירן, בֿ2 ←.

אויסקוויטשען — ־טשע אויס, ~ געקוויטשעט. אוטוו — אַרויסלאָזן אַ קוויטש. א, פֿון ווייטיק, פֿון פֿרייד. טרוו — עפּעס אויסדריקן, אַרויסזאָגן מיט אַ קוויטש(יק קול). „...אויסקוויטשענדיק אַן ענטפֿער אויפֿן געלענקל“, ממוס. „...אויסגעצויגן ביידע שכנים

זײַן קלײן הענטל און אויסגעקוויטשעט
'יחדיו'", שע, אָרעמע און פֿריילעכע I.
אויסקוויטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסקוויטשען און אויפֿהערן. „דאָס
געשלאָגענע הינטל האָט זיך אויסגעקוויטשעט און זיך
גענומען גריזשען דעם ביין".
אויסקוויטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסקוויטשען (זיך). אַן א, וואָס
רײַסט די אויערן.
אויסקווייטלען — ־טל אויס, ~געקווייטלט.
טרוו — אויספּוצן מיט קווייטן, קווייטלעך.
א, די האָר. א, די בלוזקע = אויסשטיקן
קווייטן אויף דער בלוזקע. אוטוו —
אויפֿקומען, באַווײַזן זיך אין פֿאָרעם פֿון קווייטן,
קווייטלעך. אויסבליִען ב 1.
אויסקוויקן — אַקוזוו. קוויק אויס, ~
געקוויקט. דערפֿרישן; געבן (ווײַזן, זאָגן) עפּעס
וואָס פֿאַרשאַפֿט הנאה. א, דאָס האַרץ. א,
ז י ך. א, מיט דער גוטער בשׂורה. זיך א,
מיט אַ ביסעלע משקה.
אויסקוויקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקוויקן (זיך). מיטל אויסצוקוויקן
(זיך). דערקוויקעניש. אויך: ־קעכץ.
אויסקוועטש — דער, ־ן. אַקט פֿון

אויסקוועטשן. סכום פֿון אויסגעקוועטשטן מאַטעריאַל. דער א, פֿון די ווײַנטרויבן.
אויסקוועטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקוועטשן. אויספּרעסונג, שאַנטאַזש. אַכזריותדיקע א'. „זייער נפֿש זאָל זיך אויסגיסן ווי וואַסער פֿאַר גאָט... ביז א, פֿון דעם נפֿש“, תּניא, 420.
אויסקוועטשן — טרוו. קוועטש אויס, ~ געקוועטשט. 1. אויסדריקן פֿליסיקייט, נאַסקייט, זאַפֿט פֿון עפּעס. א, פֿרוכטן. א, נאַסע וועש. „ווען זײַנע קליידער זענען נאַס געוואָרן, מאָג ער אין זיי אַזוי גיין אין זײַן הויז, און איך האָב קיין מורא ניט, ער וועט זיי אויסקוועטשן“, לט2, 2/60. 2. עפּעס שאַפֿן, פּראָדוצירן דורך אויסדריקן (פֿליסיקייט). א, טרויבנזאַפֿט פֿרוכטזאַפֿט. „זי האָט אויסגע,
שלאָגן פּוטער, אויסגעקוועטשט קעז“, אָפּאַ,
,אין אַ פֿאַרשנייטער וועלט,. 3.
אַרײַנדריקן, אַרײַנפּרעסן. א, צייכנס, אותיות.

אויסקוועטשן זיך

4. אַרויסקריגן עפּעס דורך צודריקן,

סטראַשען, שלאָגן. אויסשאַנטאַזשירן. א, אַן ענטפּער, צוזאָג; א, אַ מתוודה זײַן זיך. א, געלט, יערלעכע צאָלונגען. 5. אַרויסקריגן מיט געזעלשאַפּטלעכן אָדער מלוכהשן דרוק. א, שטײַערן, פּאָדאַטקעס. א, אַ נדבֿה פֿון דעם קמצן. 6. אָפּשוואַכן, עקספּלואַטירן, אויסנוצן. א, די (לעצטע) כּוחות, דעם מאַרך פֿון די ביינער. „...א, פֿון אַרבעטער זײַנע לעצטע עצמות און אַוועקגעבן דאָס די קאַפּיטאַליסטן„, דער אידישער אַרבייטער, 1896.

פֿפֿ: ווי א נאַסן האַנטעך, נאַסע שמאַטע; ווי אַ לימענע, ציטרין; ווי אַ שוואָם; ווי אַ בלאָטער, געשוויר, מכּה; ווי איילבערטן, ווי ווײַנטרויבן אין קעלטער; ווי פֿון אַן אײַטער; ווי ר, צדוק די גרוגרת (זען). *א, ווי פֿון דער וואַנט וואַסער = ניט מיגלעך אַרויסצוקריגן.

אויסקוועטשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. אַרויסזאָגן זיך נאָך קווענקלעניש, לאַנגן יישובֿ־הדעת. מיט שווערקייטן עפּעס זאָגן. “לחיים ר', ר'...הא, שניאור — קוועטשט זיך נאָך איינער אויס עפּעס צו זאָגן“, ממוס. „ערשט אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט ער אויסגעקוועטשט זיך: וואָס איז?“, שע, טבֿיה.

2. עפּעס טאָן נאָך לאַנגן גרייטן זיך, מאַכן

שהיות. עפּעס טאָן אויף אַן אומגעראָטענעם
און פֿאַמעלעכן אופֿן, מיט שוועריקייטן. „קוים
וואָס ער קוועטשט זיך אויס מיר
אונטערצוהעלפֿן“, פֿוול. „ביז ער קוועטשט זיך אויס קען
די נשמה אַרויס„. *זיך א, ווי אין עצירות, ווי
אַ חסיד איז זיך מכין = איר, גראָבלעך, וועגן
איבעריקע און לאַנגע הכנות.
אויסקוועטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסקוועטשן (זיך). אַן
אויסמאַטערניש, אַן א', אַזש צום חלשן. אויך: ־טשעכץ.
אויסקווועלן — אוטוו. קוועל אויס, ~
געקוועלט (זן ~געקוואָלן). דזוו אויסקוואַלן,
בּב 1—2 ←.
אויסקוועלן — [פּד, אוקר ע] טרוו. קוועל
אויס, ~געקוועלט. אויסמאַטערן, אויספּײַניקן;
פֿאַרשאַפֿן גײַסטיקע ווייטיקן. „דו קוועלסט מיך
אויס מיט דײַן שווײַגן, זאָג בעסער דעם גאַנצן
ביטערן אמת“.
אויסקוועלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָנלײַדן
זיך, אויסלײַדן זיך; לײַדן אַ לענגערע צײַט
אָדער פֿון אַ צאָל צרות. א, זיך פֿון עמעצן,
פֿון עפּעס.
אויסקוועלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקוועלן (זיך). „ס'איז בעסער בעטן

אויף זיך אַ קרענק ווי אַן א,“.
אויסקוועקלען — טרוו [נאָר אינפֿ און קצ].
אויפֿטאָן, דערגרייכן מיט קווענקלען (זיך).
„וואָס וועסטו דאָ א'? באַשליס זיך אַזוי צי אַזוי!“.
אויסקווערן — טרוו. קווער אויס, ~געקווערט.
מאַכן עס זאָל זײַן (גיין) אין דער קווער;
אויסקרימען, אויסדרייען. א, ליניעס.
אויסקויטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געקויטיקט. אויסבֿרודיקן, אויסשמוצן. א, וועש, קליידער.
אויסקוילעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקוילען. „נאָך יעדער א, טרעט אַרײַן

337

אַ שטיקל ווילן אויסצוּוואָרצלען דאָס שלעכטס“,
יג, טמז, 3 1958 I.
אויסקוילע(נע)ן — טרוו. ־לע אויס, ~
געקוילעט. 1. אויסשעכטן, מיט אַ חלף, על־פּי
דינים פֿון שחיטה. א, די הינער, די כּפּרות.
2. אויסטייטן, אויסהרגענען מיט שאַרף
געווער. „...האָבן זיי אַלע אויסגעקוילעט און
זיי האָבן דאָרט געפֿונען אַ גרויס עשירות“,

נחב, 'מעשׂה ממלך וקיסר'. ,,איז דאָך זייער
בּיטר און זייער ווײ. מען האָט אונזרי לומדים
אויש גיקוילעט וואָש האָכין אונז מגין
גיווען,,, מע t ה אומן. 3. אויסהרגענען אויף
כּלערליי אופֿנים. אומבּרענגען. ,,איינער...
קוילעט אויס אַ לאַנד און בּלײַבּט גערעכט,,,
ממוס, יודל. ,,נאַקעט זײַנען די פֿעלדער...אַ
פֿײַער האָט אויסגעקוילעט, אויסגעבּרענט בּיז
איין גרעזעלע", ממוס, קליאַטשע.

אויסקוילער — סרוו ־ [אין לד ניטאָ].

ן .

ר אויס, ~

געקוילערט. אויך: ~קאָל

ער

דזוו אויסקויקלען, אויסקײַקלען ←. *א, די
אויגן = מאַכן די אויגן קײַלעכדיק און
אַרויסגעשטאַרצט (פֿון שרעק פֿאַרוואונדערונג).

,

אויסקויפּ(ע)ן — טרוו. קויפּ(ע) אויס, ~
געקויפּ(ע)ט. מאַכן עס זאָל זײַן מיט אַ קויפּ.
געבּן מיט אַן איבּערמאָס. א, די עמערס מיט
די פֿלוימען.

אויסקויף — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקויפֿן.
אויסלייז. ,,מיר זײַנען ניט לאַנג געווען אין

געפֿאַנגענשאַפֿט, עס איז געקומען דער א':
צוויי זייערע פֿאַר איינעם פֿון אונדזערע„. *א,־
בלוט = בלוט וואָס מע דאַרף אויסקויפֿן, בּ 7.
אויסקויפֿגעלט — דאָס, ־ן. (אויך: ־ער).
1. דזוו אויסלייזגעלט ←. „דער סאָנד וואָס
האָט אינגאַנצן פֿאַרמשפּט צום טויט האָט
אויסגעשטעלט באַלד דרײַסיק טויזנט טאָלער
פֿאַר זײַן קאָפּ א'“, הר, יודל ראָזנבערג, דער
גריידיצער, פּיעטריקאָוו, I, 22. „...נעמען
צונויף א, פֿאַר דעם פּריץ“, ממוס, אַ שטאָט אין
,
מזרח'. „זיי האָבן בײַ מיר צוגערויבט אַלץ
וואָס איך האָב געהאַט בײַ זיך און פֿאַר דעם
א, מיך געלאָזט אַרויסגיין פֿון הויף אין גאַס“,
געניע סילקעס, טמז, 1957 ◻ I l7. „די א'ער
האָבן זיך [בײַם פֿאָרזיצער פֿון יודענראַט]
אויפֿגעטורעמט אין אַ באַרג“, שטריגלער, אינדזלען
אויף דער ערד. 2. דאָס געלט וואָס דער חתן
גיט דעם פֿאָטער (אָדער די נאָענטע קרובֿים)
פֿון דער כלה. „[שולמית] זאָגט זיך אָפּ פֿון
כלה־גאָב, נאָר צוויי הונדערט פֿאַר די
ברידער א'“, פּרץ, 'פֿינף מגילות'. 3. אַרכ. קנס,
שטראָפֿגעלט פֿאַר אָפּזאָגן זיך פֿון אַ חבֿרה.
„...האָט זיך איין גקויפֿט [אין דער חבֿרה]

און, ווייל ארויש גיהן, זאַל מוזין בצאהלין
כל מה שחייבֿ לחבֿרה ועוד בּ, ר״ט אויש
קאַף געלט געבּין,,, תּקנות מהחבֿרה קדושה
גמלות חסדים, אמשט תּק״ב, תּקנה צג ריבֿ
ייִג].

-

אויסקויסן — טרוו. קויף אויס, ~געקויפֿט.
1. קויפֿן אַ צאָל זאַכן, אַלץ וואָס מע
פֿאַרקויפֿט. ״די קצבֿים פֿלעגן א, די מאָגערסטע
בהמות״, יק. ,,קבּצנישע אויגן אין די
הונדערטער קוקן צו ווי די מזרח־וואַגט קויפֿט
אויס די עליות,,, בערג, בּײַם דניעפּער I.

אויסקויפּעכץ

2. בּיסלעכווײַז אָפּקויפֿן אַלץ. א, אַ לאַגער
סחורה, די גאַנצע קאָלעקציע בּילדער. ,,
אונדזערע לײַט זאָלן עס א, און עס פֿאַרבּרענען
צו אַלדי שוואַרצע יאָר,,, יפּ.
3. געבּן געלט צוריקצוקריגן אַ משכּון
אָדער צו קריגן עפּעס פֿאַר וואָס מען איז

נאָך שולדיק. „און אַלע פֿון גרויס בֿיז קליין וועלן פֿון טויט שוין אויפֿשטיין, וועט איטלעכער מוזן לויפֿן בײַ זיי דעם טלית א,,,, עט, לידער. „טראָג אַרײַן די צוויי הונדערטער און קויף אויס דעם בֿילעט“, שע, '75 טויזנט'.

4. געבֿן דעם פֿולן ווערט פֿון עפּעס. „ער איז אַן עושר, זײַן שפּײַכלער ווען עסטו ניט א, פֿאַר אַ טויזנטער,'. „והמקו, בֿ„ה אין גיהאלפֿין דאז איך וואול האלטי דאז ער זיך היום ניט לאָזט אויז קאפֿין מיט מאה אַלפֿים ר“ט בנקי,,, גה, 121.

5. אויסשטײַגן אַ צווייטן; אָפּקויפֿן עפּעס וואָס אַן אַנדערער קלײַבֿט זיך צו קויפֿן. „איין שנײַדער פֿון יהודים, דער האָט מיר א פֿיש אויסגעקויפֿט צוועלף גילדן“, צור, בֿראשית. „...גענומען דערציילן ווי ער האָט יענעם אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, יענעם אויסגעקויפֿט די סחורה“, אָפּאַ, טענצערין.

6. בֿאַפֿרײַען מיט געלט פֿון תּפֿיסה, געפֿאַנגענשאַפֿט, אָפּהענגיקייט פֿון עמעצן. א, שקלאַפֿן, געפֿאַנגענע; א, פֿון די הענט פֿון פּאָליציי. „דער בחור האָט זיך עפּעס אַזוי צוגעלאָזט צו מיר, גלײַך איך וואָלט אים עפּעס אויסגעקויפֿט פֿון גויאישע הענט“, ייִל, קמ,

.No ,1867 32 „מיר ווען אים דאַרפֿן אין
צוויי חדשים אַרום א, פֿון אַ טורמע“, שע,
יוגנט־ראָמאַנען. „זאָל זײַן דאָס וואָרט אונדזער
אויסקויפֿנדיקער פֿרײַנד און אונדז
פֿאַרבּרידערן, אונדז — לעצטע און בּאַהערשטע“, הל,
אַלטמאָדיש'.

,
7. פֿאַרגיטיקן, בּאַפֿרײַען פֿון שולד דורך
עפּעס. “טראָגט דער ייִד דורך אַלע צײַטן...אַלץ
די שולד אין אייבּיקייטן, קיינמאָל ניט זיך
אויסצוקויפֿן„, אַל III. „זי, די צנועה, וועט
אים א, פֿון אַלע זינד“, אר, אַ צנועה אין

,
קאָבּאַרעט'. *א, די עבֿירות = קריגן מחילה
אויף עבֿירות דורך תּשובֿה, אָפּקומען פֿאַר
זינד, דורך מעשׂים טובֿים. „מע דאַרף זײַן ריין,
מע דאַרף זיך אַליין א'„, הל, לעקערט.
„...קלעטער, שפּרײַז, קויף אויס דעם
דורותדיקן שטרויכל“, סוצ, ייִדישע גאַס.
--
אויסקויסן זיך — ← דפֿוו. זיך בּאַפֿרײַען
פֿון עפּעס דורך געלט, בּאַלוינונג
פֿאַרגיטי,
קונג און אַנדערע מיטלען. אויסגעלייזט ווערן.

„פֿון טויט קען מען זיך ניט א,“, שוו. „ווען
מע זאָל זיך קענען א, [illegible]ון טויט, וואָלטן
אָרעמעלײַט שיין פּרנסה געהאַט (געהאַט פֿון וואַנען
צו לעבן)“, שוו. „...אַרויסגעגעבן דער שטאָט
אַ תּשובֿה: אַלע 'גדולים, זאָלן פֿאַסטן און
'נשים און חלשים, זיך א'“, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. „ער פֿאָדערט ווי אַ פּרײַז
יהודהס קאָפּ פֿון נקמה אויסצוקויפֿן זיך“, אַל I;I.
*ניט קענען זיך א, = אויך: ניט קענען זיך
פֿאַרענטפֿערן, פֿאַרגיטיקן מיט עפּעס; ניט קענען
אָפּצאָלן פֿאַר אַ טובֿה.
אויסקויפֿעכץ — דאָס (די), ־ן. אויסקויף.
פֿאַרגיטיקונג. (קען האָבן בײַטעם פֿון ביטול).

--

אויסקויפּעניש

-

אויסקויסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקויפֿן (זיך). געווען
אַן אָנגעלאַף, אַן א'.   א
אויסקויסער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס קויפֿט אויס; אויסלייזער. אַן א'קע
פֿון מציאות. אַן א אַ באַפֿרײַער.

,

אויסקויסערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויסקויפֿער. אייגנשאַפֿט פֿון אויסקויפֿער.
אויסקוי□ □לען. □ו. סאַרענדיקן קדיק□לט. א
ׄ
פּפּ: ~ —   עו.
ל □ טרוו. ־קל אויס, ~געקוי

2. דרייען, קאַטשען ווי אַ קויק, אַרום און
אַרום, אַ לענגערע צײַט, אָדער אַ צאָל זאַכן
אין אַ צאָל ערטער. א, אין היי, אויפֿן זאַמד.
*א, אין בלאָטע = א) אַרײַנוואַרפֿן אין אַ
בלאָטע און אַ דריי טאָן; ב) שטאַרק באַריידן,
אויסטראַכטן מיאוסע זאַכן וועגן עמעצן. „מע
האָט אים שוין איינמאָל אויסגעקויקלט אין
בלאָטע ווי גרויס ער איז“, זש, נח פּאַנדרע.
*א, מיט אייער = סגולה קעגן עין־הרע: נע־ א
מען וואַרעמלעכע אייער, ערשט אויסגעלייגטע,

און זיי אַ קויקל טאָן עטלעכע מאָל איבער די פֿאַרמאַכטע אויגן. „ישׂראליק וועט אי„ה זײַן געזונט. מע האָט אים בּאַדאַרפֿט א, אַ מאָל מיט אייער און אויסגיסן מיט וואַקס“, ממוס, קליאַטשע.

3. מאַכן מע זאָל זיך קויקלען פֿון וויטיקן; מאַכן קראַנק. אַרומכאַפּן מיט אַ קראַנקייט, אַן איבּערגאַנג. א, אין הייסע נאַסע לײַלעכער, טיכער — אַ היימישער מיטל בּײַם היילן כאָלערע. „דאָס שלאַפֿקייט האָט אויסגעקויקלט אַלע שטעט“, אבק. „פֿאַר זיי איז בּילדונג־שמילדונג געווען אַ סם — עס האָט אָנגעמאַכט אַ דרייעניש, זיי אויסגעקויקלט„, ממוס. „אַ כאָלערע! אַ מיתה משונה! ס'זאָל אײַך אָנכאַפּן...קויקלען און א, איינציקוויַיז!“, שע, 'מענטשן'.

4 פֿאַרבּרענען פֿאַרשׂרפֿענען. ל2. „אַ

, .

שׂריפֿה איז געקומען אויף קאַבּצאַנסק, עס האָט אויסגעקויקלט אַ טייל הײַזער און אַלע ייִדן דאָרט וויינען, בּאַוויינען די שׂריפֿה“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. „די שׂריפֿה האָט אויסגעקויקלט דאָס גאַנצע שטעטל“, ייִפֿאָל, 1883, No 3.

[נאָר אין אוקר].
אויסקויקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. קויקלען זיך און אויפֿהערן. „זיך
אַרומגעוואַלגערט, זיך אויסגעקויקלט אין געגוג
הקדשן, איצט בלײַב איך דאָ“. 2. דורכלעבן
גרויסע ווייטיקן. זיך א, אין טיפֿוס.
אויסקויקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקויקלען (זיך). אַ בויכדרייעניש, אַן א'.
אויסקולטיווירן — טרוו. ־וויר אויס, ~
קולטיווירט. קולטיווירן ביזן געוואונטשענעם
רעזולטאַט. קולטיווירן אַ צאָל. א אַ נײַעם מין
,
קאָרן. א, בלומען, פּרוכטביימער; א, אַ
מאָדע, נײַע פּירונגען.
אויסקולטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~געקולטעוועט. לר (זאַמעט). < ליט.
אויסקלאַפּן מיט אַ קולטעווע, פּראַלניק. א, גרעט,
א, אים דעם קאָפּ.
אויסקוליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אָנהייבן גיין מיט אַ קוליע, אויף קוליעס. „דער
גערעאַניעטער זעלנער האָט זיך אויסגעצירט מיט
אַ מעדאַל און זיך אויסגעקוליעט“, רייד.

2. פּד. אוקר. אויסדרייען זיך אַ פֿוס.
3. אַנידערפֿאַלן.
ויסקוליע(נע)ן — טרוו. ־ליע אויס, ~
געקוליעט. אויסדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ; מאַכן
פֿאַרשיידענע קונצן מיטן קערפּער פֿון
קינד— . ,,
ווײַז אָן האָט מען אים אויסגעקוליעט אויף
אַלע זײַטן, בּיז ער איז געוואָרן אַ
קונצנמאַכער“.
ויסקום — דער. מצ נבֿ. סכום געלט וואָס
איז נייטיק אויסצוקומען, דורכצולעבֿן. ,,דײַן
א, וועט דיר וועכנטלעך אויסגעצאָלט ווערן“,
אַש, בּײַם אָפּגרונט. ,,די דאָזיקע אַרבֿעט
בּאַזאָרגט אים מיט אַן אָרעמען א'“, מוק, פּרץ
און דאָס וִדישע טעאַטער. א'־טאָג = טאָג
ווען מע האָט קוים אויף אויסצוקומען. ,,בּײַם
הײַנטיקן, בּײַם שווערן א'־ט, איז יעדער
פֿרעמדער...אַן אָפּקומען, אַ פּלאָג“, בּראָד,
פֿאָרשטעלונגען.
ויסקומען — אוטוו. קום אויס, בּין ~
געקומען [מיט ה אָ בֿ בּלויז אין טייל לר —
גראָדנע, דווינסק, בּיאַליסטאָק — און אויך דאָרטן
בּײַ א, זעלטענער ווי בּײַ קומען].

1. האָבן געַנוג דורכצולעבן. די הכנסה איז קוים אויסצוקומען. די קראָם טראָגט נאָר אויף אויסצוקומען. (ניט) א, מיט פֿינף רובל אַ וואָך. *א, מיט דער הוצאה = האָבן אויף די נייטיקסטע הוצאות, אָבער ניט מער. „איך פֿר מיין ווען איר מיר נאָך שיקט איין ארבעים זהובֿי, זאָ ווער איך מיט אוישקומן„, פּראָגבֿ, 17.

2. האָבן גענוג מאַטעריאַל אויף עפּעס. די סחורה קומט אויס אויף צוויי קליידלעך. מיטן האָלץ וועט מען ניט א, אויפֿן גאַנצן ווינטער. *א, ווי מיט קרעפּלפֿלייש = אויסקאָמבינירן עס זאָל ניט פֿעלן און ניט איבערבלײַבן. „די מצה איז גיך צעריבן געוואָרן, איז שוין ניט געווען גענוג אויף די אַכט טעג פּסח אויסצוקומען", ש. סײַמאָן, צווײַגן.

3. זיך באַגיין, קענען לעבן (כּמעט שטענדיק מיט ניט). „אָן איר קען ער ניט א', מיט איר קען ער ניט א'„, פֿוול [← בּ4]. דו האָסט געלעבט אָן איר און וועסט א, אָן איר. „קיין קרעמער, קיין שענקער, קיין קויפֿמאַן, קיין דאָקטער, קיין פּראָפֿעסאָר, קיין פֿילאָזאָף קען אַן מיר ניט א'", ליאָנדאָר, נײַער בריפֿן שטעלער, ווילנע 1844, 27. „אָן לופֿט קען אַ

מענטש ניט א, אַפֿילו אַ שעה (אַזוי זאָגן די דאָקטוירים)‟, שע, 'גלות דאַטשע'. „מיטן שׂכל אַליין קען מען נישט א'‟, פּרץ, חסידיש. ‟דער פּריץ האָט אָן דעם [הויף־ייִד] ניט געקענט א, אַפֿילו אין זײַן געזעלשאַפֿטלעכן און אינטימען פּריוואַט־לעבן„, ליטוו.

4. דורכקומען מיט אַ מענטשן, לעבן בשלום. שווער (גרינג) אויסצוקומען מיט אים. מאַן און ווײַב מוזן א, צווישן זיך. אַ נוחלבריות קומט מיט אַלעמען אויס. ‟אַז משה רבינו האָט ניט געקענט א, מיט די ייִדן — ווער אַ פּשוטער מענטש מיט זיי א'?‟, שוו. „דער רעחטר פֿרומיר קען מיט אלי אויס קומין‟, מס, קהלת, תּקע‟ט, ז, 18. „איך קום מיר אויס געדולדיק גאָר מיט אַלע גלײַך אויף אַ האָר„, עט, לידער, 55. *א, ווי מיט אַ (בייזער) שוויגער, ווי מיט אַן אַסעסאָר = זיך

אויסקומען

שלעכט פֿאַרטראָגן, ניט א'. *א, ווי אַ ייִד מיט אַ קוגל = כלומרשט זײַן פֿרײַנד, אָבער פֿאַקטיש ווען אומברענגען, צו נישט מאַכן.

5. אויסזען, מאַכן אַן אײַנדרוק. די מעשׂה

קומט אויס גלאַטיק (ווילדלעך, משונה). קעגן זיי זײַנען מיר אויסגעקומען ווי די פֿליגן. אין אונדזערע אויגן איז ער אויסגעקומען ווי אַ ריז, ווי עוג מלך הבשן. „די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס מיני שמאַטעס... זי איז אויסגעקומען גרעבער, דיקער ווי שטענדיק“, ממוס, ווינטשפּ. „נאָר טאָמער וועט די באַשרײַבונג א, נישט אַזוי קײַלעכיק...זאָלט איר קיין פֿאַראיבל נישט האָבן“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ .

6. זײַן אין אַ פּאָזיציע. איין זעלנער איז אויסגעקומען פּונקט קעגן צווייטן. בײַם זעצן זיך צום טיש זאָלסט נאָר ניט א, לעבן אים. „און זאָל זיך ניט צו שטאַרק בוקן, דאָס זײַן פּנים זאָל ניט א, קעגן דער ערווה„, לט2, 2/23.

7. אַרויסקומען, צוריקקומען; ווערן ווידער אַ פֿרײַער מענטש; תּשובֿה טאָן; ווערן צוריק ייִד. „דו וועסט א, פֿון פּאָניעס הענט אַ גאַנצער“, פּד. „ער האָט זיך אַמאָל כּופֿר געווען, און דערנאָך האָבן זיי געהערט אַן ער איז ווידער בשתּיקה אויסגעקומען„, יפּ. „אַז ער איז געוואָרן אַ כּופֿר־בעיקר האָט ער זיך אָפּגעשמדט, נאָר יענע נאמנה איז אים אויך

ניט געפֿעלן, האָט מען אים דערפֿאַר אָפּגעשמיסן. דערנאָך איז ער ווידער אויסגעקומען און צוגעזאָגט חוזר בתּשובֿה צו זײַן", קמ, No, 1868 40. „מיר ווייסן ניט אויב עס איז אמת וואָס מע האָט געהאַט געזאָגט אַז שׂרה בערנאָרד איז ווידער אויסגעקומען", ייִפֿאָל, No, 1881 26. „דנק הש"י דרום אַז איך גלײַך אויש קום", פּראָגב, 58.

8. יוצא זײַן. אַרכ. „מן קעם זונשט ניט אויש, דען מן מוז איטליכס דרייא פּסוקים לייאנן", ספֿר מנהגים, אמשט 1723, י/א.

9. פֿאָרקומען, געשען. אַרכ. „באתי להוסיף ולהודיע לכם מהשׂריפֿה הגדולה, אתמול בעו„ה כּאַן ווידר אויש קומן", אגרת שלמה, כ/א. [טרעפֿט זיך נאָך בײַ אמד: „איין מאָל איז אויסגעקומען אַ גרויסע שלאַכט", דאָס קינד אין וואַלד III.]

אויסקומען — אומפּ. עס קומט אויס, עס איז ~געקומען. 1. זעט אויס, מאַכט דעם אײַנדרוק. אין מײַנע אויגן קומט אויס. עס קומט אויס גוט, גלאַט, קרומלעך אאַזוו. „עפּעס קומט מיר אויס אַז אַלע זײַנען ניט דאָס פֿאַר וואָס זיי גיבן זיך אויס„, ממוט, קליאַטשע.

2. איז על־פּי שׂכל; איז לויטן חשבון נאָך.

בײַ מיר קומט עס אויס גוט (שלעכט). בײַ
אים קומט אויס אַז איך האָב אַ טעות. עס
קומט אויס דרײַ טאָלער אויף אַ מענטשן.
„אָבער ווען דליק דער חכמה פֿון דעם שיר איז
אים אויסגעקומען, די זיבן ערטער ניט כּסדר“,
נחב, 'מעשׂה מבערגער והעני'. „איין טייל
קינדער טמאים, איין טייל קינדער טהורים...
קומט אויס אַז די טהורים מיט די טמאים
טרינקען פֿון איין קרוג“, זרעיס, 1/13.
“זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק ווערט גערופֿן נאָך
שבת; מיטוואָך, דאָנערשטיק, פֿרײַטיק ווערט

אויסקומען

אָנגערופֿן פֿאַר שבת. נמצא, קומט אויס אַז
דער שבת איז דער רעכטעד מיטן“, דרכי עולם,
ווילנע 1866.
3. באַקומט זיך ווי אַ רעזולטאַט פֿון עפּעס.
עס איז אויסגעקומען נאָך זײַנע מעשׂים אַז...
„פּועלים...האָבן אין זייערע לידלעך
אַרײַנגעמישט גויאישע ווערטער, אַזוי אַז עס איז
אויסגעקומען האַלב יִדיש, האַלב רײַסיש„, ממוס,
שלמה.
4. עס טרעפֿט זיך צופֿעליק, עס פּאַסירט.

אפֿשר וועט מיר א אַז איך וועל זיך מיט

,

אים יאָ באַגעגענען. „און גוטע, ווייכע
מענטשעלעך...בייגן זיך, ווי עס קומט אַמאָל
אויס, אי אַהין אי אַהער“, ממוס, ,די אַלטע
מעשׂה'.
אויסקומען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. קומט
אויס, איז ~געקומען. [מע קען אַ צאָל פֿאַלן
פֿון אויסקומען אומפּ אַריבערטראָגן אַהער:
עס ווענדט זיך אין דעם ווי מע טײַטשט אויס
וואָס עס איז דער סוביעקט פֿון זאַץ, למשל:
עס קומט מיר אויס צו לײַדן — צו לײַדן
איז דער סוביעקט].
1. אָנקומען, אויספֿאַלן, זײַן די דאַטע פֿון
אַ יום־טובֿ אָדער געשעעניש. ווען קומט אויס
דאָס יאָר דער ערשטער טאָג פּסח? „זייער
חגא איז אויסגעקומען גראָד אין אַ יום־טובֿ
און די ייִדישע קראָמען זײַנען געווען
פֿאַרמאַכט“. “דער טאַטע האָט גערעדט שבת־חזון
(יענעם יאָר איז עס אויסגעקומען ערבֿ
תּשעהבאָבֿ)“, לדב.
2. אַרויסקומען, זײַן דער רעזולטאַט. „
וועלכעס מיידעלע עס וויל פֿירן אַ ליבע, דער סוף

זאָל איר אַזוי א'"', פּל, פּד. „עס קומט אויס 'וקבּצנו יחד, — אַלע קבּצנים אינאיינעם", ממוט, ווינטשפּ. „בּכן קומט אויס אַז דורך דער שריפּטלעכער שפּראַכע פאַרבּעסערט זיך מיט דער צײַט דאָס רעדן מיטן מויל", ממוס, שלמה. „עס קומט אויס אַ מישמאַש, אַ קאַשע מיט בּאָרשט און מיט לאָקשן", שע. צום שפּיץ קומט אויס, דער שפּיץ איז אויסגעקומען.

3. קומען צו אַ לאָגישן אויספיר, צום סךהכּל פון חשבּונען. „ווי ווער ווערט די משנה אויסקומען? ניט ווי ר, אליעזר און ניט ווי די רבּנן", שהמ, ה/ד. „ער האָט אַ לערן געטאָן לומדיש, גאָר אַ חריפות, און אַלצדינג אין דער גמרא איז אים אויסגעקומען לסוף משונה־ווילד גלאַט", ממוס, ווינטשפּ. דער חשבּון קומט אויס... „דער רעכענונג קומט בײַ אים אויס גאָר אַ גרויסער, אַז מעשׂר...וואָלט א, זיכע אַ פּוד צען", אַר, „בּײַם דאַוונען'.

4. ווערן, זײַן. זאָל דאָס לעבּן אײַך א, גוט, מזלדיק. „....האָט געשאָלטן די קעכין, פאַרוואָס דאָס טייגעכץ איז אויסגעקומען אַזוי לויז", שע, יוגנט־ראָמאַנען.

5. האָבּן אַ (די) געלעגנהייט. עס קומט מיר אויס צו זען. „מיר איז שוין אַמאָל

אויסגעקומען צו זאָגן...וועגן די פֿאַרשיידענע רשמים...,,, לדבֿ.

6. עס איז באַשערט; מע מוז, מע דאַרף. עס קומט אויס אַ גליקלעכע באַגעגעניש. עס קומט מיר אויס צו לײַדן. ,,עס קומט אויס אַראָפּצושלינגען ווען מע האָט אַפֿילו ניט גוט צעקײַט,,, שוו. ‟אויס האַנדל, אויס פּרנסה, און

עס וואָלט אויסגעקומען — לייג זיך, שׂונאיציון, צי זיך אויס און שטאַרבֿ‟, ממוס, ווינטשפּ. ,,אים איז אויסגעקומען צו זען דעם גרויסן כּבֿוד וואָס אַ מדינה האָט אָפּגעגעבן איר מושל...‟, לדבֿ.

אויסקומען — אַקוזוו. קום אויס, האָבֿ ~ געקומט. לד. פֿטמ. זײַן שולדיק אַ צאָל מענטשן אָדער אַ צאָל חובֿות. ,,וויי־וויי, וויפֿל חובֿות איך האָבֿ יעמאָלט אויסגעקומט!‟ ,,אַז איך זאָל האָבן וויפֿל געלט איך קום אויס, וואָלט איך ניט דאַרפֿן אָנקומען צו אײַך,,.

אויסקומעניש — דאָס (די), ־ן. 1. הכנסה וואָס איז גענוג פֿאַר דער הוצאה. חיונה. ק אַ ר ג (ע) א, = ווען מע קומט קוים דורך

מיט דעם וואָס מע פֿאַרדינט. ע ר ל ע ך א, = ווען מע פֿאַרדינט אויף אַן ערלעכן אופֿן און מע האָט געניג זיך צו פֿירן לײַטיש, געבן נדבֿות. בּ ע ל ־ ה בּ ת י ש א, = ווען מע לעבט פֿאַרמעגלעך, הגם ניט צו רײַך.

2. סכום לעבנסמיטלען וואָס איז גענוג דורכצוקומען מיט דעם. תּי טײַטשט 'וחק לנערותיה, (משלי, לא, 15): ,,און א, פֿאַר אירע דינסטמיידלעך,,, און 'מחקי צפֿנתּי אמרי פֿיו, (איובֿ, כג, 12): ,,מער ווי מײַן א, האָבּ איך געהיט די ווערטער פֿון זײַן מויל“.

3. שטראָף פֿאַר עפּעס (קלעפּ, זידלערײַען). ע ר ל ע ך א, = די אמתע גאָבּ, פּאָרציע, אמתער חלק (פּעטש, באַליידיקונגען אע). ,,איך האָבּ מיך געפּרווּוט אַ פּאָר מאָל פֿאַר אים אַרויסשטעלן זיך, האָבּ איך געהאַט מײַן ערלעך א'“, ממוס, קליאַטשע. ,,איך האָבּ מיר פֿאַרדינט נישט נאָר מײַן ביטער א', איך האָבּ שוין געמוזט שיקן מײַן משהן אין פּאָלק אַרײַן“, שע, 'גיטל פורישקעוויטש'. *האָבּן דאָס ערלעכע א, = געווײנטלעך; האָבּן אַ סך צרות.

4. אָרט, מקור פֿון וואַנעט עס קומט אַרויס. ,,מעהר עדר אלי בּוואָרינישן פילנווי דיין

האַרץ, וואָרן פֿון אים גייען די אויס קומנישן פֿון לעבן", מס, משלי, תּקע"ד, ד, 23 [,תּוצאות חייס, תּי: ,,אַרויסגאַנגען"].

אויסקומער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס קומט אויס מיט וויפֿל מע האָט.

2. ווער עס קומט אויס, לעבט בשלום מיט מענטשן. ,,ער איז אַן א', ער קומט אויס מיט מענטשן און מיט דער וועלט", א. י. קריזאָווסקי.

אויסקונדייסעווען — ־סעווע אויס, ~ געקונדייסעוועט. אויך: ~קונדסעווען. אוטוו — אויסווילדעווען; זיך פֿירן ווי אַ קונדעס [עמפּאַטישער ווי קונדייסעווען]. טרוו — עפּעס אויפֿטאָן (דורכפֿירן) מיט ווילדע שטיק. א אַ גאַנצע מלחמה, אַ געשלעג.

-

אויסקונסט — די, ־ן. דטשמ. ידיעה, אינפֿאָרמאַציע. קריגן, געבן אַן א'. א'־ביוראָ = אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ.

אויסקונציקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געקונציקט. אויף אַ קונציקן אופֿן עפּעס טאָן, דערגרייכן. א, אַ גראַם, אַ פּלאַקאַט. א, אַ דערלויבעניש פֿון דער מאַכט.

אויסקונקלען — טרוו. ־קל אויס, ~געקונקלט. מאַכן קונקל־מונקל, אַ פֿאַלשקייט, און עס אויסניצן. א, אַ פעשל קאָרטן. „אַ פרעפֿעראַנס

אויסקוקן

קען מען ניט א', מע דאַרף קענען אויסשפילן" (קאָרטנשפילערס).

אויסקופערן — טרוו. ־ער אויס, ~געקופערט. באַדעקן מיט (אַ באַלייג) קופער. א אַ האַנט,

פֿאַס.

אויס קוף — פֿראַזע מערניט קיין קאָמוניסט. „אין טורמע האָט ער זיך אַרומגעזען און געוואָרן אויס קוף".

אויסקופֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~געקופֿלט. פֿונאַנדערגיסן אין קופֿלען. „קופֿל נאָך ניט אויס די ביר פֿון די פֿלעשער, עס וועט אויסוועפן".

אויסקוצעראַבען, ~ראַכען, ~ראַפען — טרוו. ־בע, ־כע, ־פע אויס; ~קוצעראַבעט אאַזוו. אויספאַרטאַטשעוען (ספעצ ביי שניידערײַ). א, אַ שטיקל אַרבעט.

אויסקוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסקוקן.

אַ מאָמענטאַנער א'. 2. אויסזען, אָנבליק. ער
האָט (כאַפּט) דעם א, פֿון... אויפֿן א, מאַכט
ער אַ גוטן אײַנדרוק. 3. אַרויסבליק,
פּאַנאָראַמע. סאַראַ שיינער א, פֿון דעם פֿענצטער.
4. מעגלעכקייט, האָפֿענונג. האָבן אַן א, אויף
עפּעס, האָבן אַ קנאַפּן א, [= קנאַפּע
האָפֿענונג]. „נאָר אַ געליבטן קען מען דערווײַל
האָבן — אַן א, אויף שפּעטער“, ווײַט, קנאה
און תּאווה. 5. פּלאַן, כּוונה, מיין. „זעט, אַז
איר האָט עפּעס שלעכטס אין א',„ תּי, שמות,
י, 10. „די ערשטע פּאָר יאָר פֿון זײַן שמשׂות
אין שנײַדערשן קלײַזל האָט ער ניט געהאַט
קיין א, אויף ווערן אַ בדחן“, אַר, ,דער בדחן,.
אויסקוקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
א ו יסק ו ק ן. 2. אויסשפּיאָנירונג. 3.
אויסזיכט, כּוונה, האָפֿענונג. „האָבן גאָרניט אַזעלכע
ווײַטע אויסזיכטן (אויסקוקונגען)“, אמד.
אויסקוקן — אוטוו. קוק אויס, ~געקוקט.
1. אויסזען, מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון עפּעס.
א, גוט, שיין (שלעכט, מיאוס). „אויף דער
מצבֿה קוקט יעדערער אויס שיין“, שוו. „עס
גייט אַרײַן דער מלמד וואָס האָט פֿאַרלאָרן זײַן
קנעלונג און קוקט אויס דער יאוש אַליין“,
אר, 'דער פּרוש'. „דאָס פֿעלד האָט

אויסגעקוקט ווי אַ מיליטערישער לאַגער,,, ווײַסמאַן,
פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש פּפּ: ←
אויס.
זען I. א, ווי אַ בראַנדשפּיגל, ווי דאָס לעבן
[= זייער שיין פֿריילעך], טענדלאַו, No 554.

,
א, ווי אַ בר־מצווה־ייִנגעלע, טענדלאַו, No 558.
א, ווי אַ כלבֿ פֿון געיעג, ווי עשׂוקע, [= זייער
צעהיצט], טענדלאַו, No 9. ,,עס קוקט בײַ
אים אויס ווי בײַ אַ מכולהנעם קצין“, טענ]־לאַו,
No 201.
2. וואַרטן (מיט אומגעדולד, באַגער) אויף
עפּעס; זיך ריכטן; חשק האָבן צו עפּעס. [פֿרגל
אויסקוקן, טרוו, ב7]. א, אויף דעם גאַסט. אויף
וואָס קוקסטו אויס דעם גאַנצן טאָג? א, אויף
פּרנסה. ,,ער איז דאָס ווערט געוועָן, אום
דאָס ער זאָל זעלכע זאַכן ווײַטער ניט טאָן,
ניט א, אויף קיין געלט, ניט קומען צו
נאַשערײַ“, ליאָנדאָר, נײַער בריפֿן שטעלער,
ווילנע 1844, 62. ,,[דעם מלכס] גרויסקייט איז
באַהאַלטן אין אינעווייניקסטע צימערן. פֿיל
קוקן אויס טעג און יאָרן צו זען זײַן
גרויסקייט און כּבֿוד“, תּניא, 274. *א, מיט ליכט =

וואַרטן אומגעדולדיק [פֿר ▯ ל אויסקוקן, טרוו, בּ4].

אויסקוקן — אומפּ. עס קוקט אויס, עס האָט ~געקוקט. 1. עס זעט אויס, האָט אַ פּנים ווי, מאַכט דעם אײַנדרוק ווי. עס קוקט אויס גוט, בּיטער אאַזוו. „עס האָט אויסגעקוקט ווי זי האָט אין אַלץ שוין פֿאַרגעסן“, ווײַסמאַן, פֿון בּריסק בּיז סעמיאַטיטש. 2. מע דאַרף זיך משער זײַן; מע קען אָננעמען. „עס קוקט אויס אַז מע דאַרף אויסאַרבּעטן אַן אַנדער פּלאַן“.

אויסקוקן — טרוו. קוק אויס, ~געקוקט. 1. בּאַקוקן אַ צאָל זאַכן. א אַלע בּילדער

,

אויף דער אויסשטעלונג.

2. בּאַטראַכטן פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן; אויספֿאָרשן. א, די פֿירונגען פֿון די מענטשן. „האָט ער פֿאַרקויפֿט די שטוב און איז אַוועקגעפֿאָרן אויף צוויי חדשים א, פּאַלעסטינע“, בּערג, אַפּגאַנג. *א, מיט בּיידע אויגן — גוט פֿון אַלע זײַטן בּאַטראַכטן.

—

,

3. אויסשפּירן, מרגל זײַן. „דאָך נאָר
אויסצופֿאָרשן די שטאָט און זי אויסצוקוקן...האָט
דוד געשיקט זײַנע קנעכט צו דיר“, תּי, שמואל
בּ, י, 3.
4. אויסזוכן. בּאַקוקן מיט דער כּוונה צו
קויפֿן. „די אינדיקעס מיט זייערע ווײַבער האָבּן
זיך [= פֿאַר זיך] אויסגעקוקט אַ מקום
מנוחה אויף נאַכטלעגער“, דער יודישער
פֿאַרפּסח, וואַרשע 1881. “זיי האָבּן אָנגעהויבּן
אַרומקוקן זיך, און א, ערטער...קודם־כּל אַן
אָרט פֿאַרן אַלטן רבּ“, שע, אַלט־נײַ
כּתרילעווקע. „האָבּ איך פֿון־דײַנעט־וועגן, זוגתי היקרה,
אויסגעקוקט אַ שענערע זאַך“, שע,
מנחםמענדל. *א, מיט ליכט = שטאַרק זוכן.
5. זוכן אַ געלעגנהייט עפּעס צו טאָן (
געוויינטלעך שלעכטס). א, אַ כאַפּ צו טאָן, אַ
בּריקע צו געבּן. „וואָרין וואָס קומט מיר דערויס
פֿין זאן וויינין אין קלאָגין אַז ער קיקט נאָר
אויס אין גאנצין עפּיס אַוועק צי טראָגין„,
טעיאַטאָר. 6. בּאַקוקן מיט דער כּוונה צו
גנבֿענען. א אַ דירה און דערנאָך זי
אויסרוי,
מען. א, ס'בּאַוואוינונג = (גנבֿים־שפּראַך)
אַרײַנשיקן אַ כלומרשטן בּעטלער אָדער אורח צו

באַקוקן אַ ד◌רת (אַ הויז) וואָס מע גרייט זיך צו
באַגנבֿענען, אָדער אַרײַנשטעלן אַהין אַ דינסט
אויף אַ קורצער צײַט מיטן זעלביקן ציל.

7. אָפּוואַרטן (מיט בענקשאַפֿט), דערוואַרטן.
א אַ גאַסט, אַ נאָענטן מענטשן. „נאָר אים
,

[= דעם חתן] קוקט זי אַדיס, ביז טאָג קומט
אַרויס“, עט, לידער. “אָט שטייט זי בײַם
פֿענצטער...ליכט אָפּגעבענטשט און קוקט אויס
דעם טאַטן“, פּרץ, זכרונות. „בין איך
אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן א, דעם גאַסט וואָס
וועט קומען“, ווײַסמאַן, פֿון בריסק ביז
סעמיאַטיטש. [פֿרגל אויסקוקן, אוטוו, ב2.]

אויסקוקן (זיך) די אויגן — פֿראַזע.

1. כּסדר, אָן אויפֿהער קוקן; קוקן
אָנגעשטרענגט. „גאַנצע נעכט וואָלט זי געזעסן און
די אויגן זיך אויסגעקוקט ווי די [יונגען] שטיפֿן
מיט די שיקסעס“, פּרץ, 'אַראָפּגעלאָזטע אויגן'.

2. שטאַרק זוכן (און ניט געפֿינען). „איך
פּרוּוו דעם בלײַערנעם הימל און קוק אומזיסט
מיר אויס די אויגן“, פּרץ, לידער און

פּאָעמען. 3. אויסקוקן מיט בענקשאַפֿט,

ליבּשאַפֿט, באַגער. „זיי זיצן, ריידן שטיל און קוקן זיך די אויגן אויס“. „די חבֿרה קעץ האָבּן זיך אויסגעזעצט..און קוקן זיך די אויגן אויס„, פּרץ, 'הינערישע חלומות,. „מע האָט אויסגעקוקט די אויגן נאָך אַן עלטערן חסיד. מע האָט געגאַרט הערן אַ לעבּעדיקן וואָרט חסידות“, לדבֿ.

אויסקוקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויסקוק, אויסקוקונג (אויך פּעיאָ).

אויסשפּיאָנירונג. השגחה (פֿון דעם וואָס האָט מאַכט איבּער אָפּהענגיקע פֿון אים).

אויסקוקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקוקן.

אויסקוקער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס קוקט אויס. „זי איז נאָר אַן א'קע, ניט קיין קונהטע“. „טויטע א'[ס] אין לאַנד זײַן וועלן מײַנע ערשטע טויבּן“, פּמ, די קופּע. 2. אויסשפּירער, מרגל. „און [יוסף] האָט צו זיי געזאָגט: א'ס זײַט איר“, תּי, בּראשית, מבּ, 9.

אויסקוקערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג, באַשעפֿטיקונג פֿון אויסקוקער.

אויסקוק־פּינטל — דאָס, ־עך. נעאָל. פּונקט פֿון וואַנעט מע קוקט אויס; פּונקט וואָס גיט

אַן אויסקוק, (ימ, 1930).
אויסקוק־פֿעלד — דאָס, ־ער. שטח וואָס
ווערט אויסגעקוקט. "ער איז אויסגעטאָן
פֿון אַ סך זאַכן אין לעבן — ער שטייט
אויסערן א'־פֿ'...דעריבער זעט ער דעם שווינדל„,
בערג, בײַט דניעפּער II.
אויסקוראַזשירן — טרוו. ־זשיר אויס, ~
קוראַזשירט. אַפּט מיט ז י ך. צוגעבן מוט,
קוראַזש. זיך א, מיט אַ פּאָר שנעפּסלעך.
אויסקורירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסקורירן.
אויסקורירן טרוו. ־ריר אויס, ~(גע)
קורירט. אָפּט מיט ז י ך. 1. אויסהיילן,
אינגאַנצן געזונט מאַכן. „ער האָט צופֿעליק
אויסקורירט אַ ייִדענע וואָס איז שוין אויסגעווען
בײַ אַלע דאָקטוירים", בעל־מחשבֿות י.
„דאָ ניט לאַנג האָט איין דאָקטער פֿון די
יהודים אויסגעקורירט דעם שׂר פֿון שטאָט",
אמד, קורות ירושלים, ווילנע 1862 2.
אָפּגעוואוינען פֿון שלעכטע געוואוינהייטן, נטיות.
א, פֿון דליבען די נאָז פֿון רייכערן.
אויסקורסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־

קורסירט. לאָזן קורסירן, פֿאַרשפּרייטן,
באַקאַנט מאַכן. א אַ ידיעה. א, פֿון האַנט צו האַנט
,

די בּראָשור.
אויסקושן — טרוו. קוש אויס, ~געקושט.
1. אַ סך מאָל קושן; קושן אין א צאָל ערטער;
קושן אַ צאָל (מענטשן). א, יעדער גליד,
יעדער בּיינדעלע. א, די גלידער, די טריט.
„אַצונד, סערדצע, בּיסטו ווערט, מע זאָל דיר
א, איטלעכס אבֿר, איטלעכס גליד בּאזונדער“,
ממוט, מטעות. „יעדן אָרט וואו דער שטריק
האָט זיך צוגערירט וועט זי א'“, פּרץ
פֿאָלקס,
טימלעכע געשיכטן. „די זון...וועט א, די
דעכלעך, און די פּנימלעך, די צעפּלעך...“, קוו,
רינג אין רינג.
2. מיט קושן אויסזאַפּן, אויסווישן. א, פֿון
דיר דעם צער. “האָט אַ קאָפּ זיך אָנגעבּויגן

אויסקײַכן

און מיר אויסגעקושט די טרערן“, יהואָש,
'עמעצער'. „איך קוש דײַן לעבּן אויס„, חג,

פליטים. *א, די נשמה = א) אויסמאַטערן מיט
קושן. „און די מוטער האָט זי אים
אויסגעריסן פֿון דער האַנט, ער זאָל איר נישט א, די
נשמה“, פּרץ, 'די ווילדע בּריאה'. בּ) איר,
אַרויסנעמען די נשמה (כּלומרשט) מיט גוטן.
אויסקושן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. קושן
זיך און אויפֿהערן. קושן זיך אַ לענגערע
צײַט. א, זיך אין די פּיסקעלעך.
אויסקושעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקושן. אַ ליבּעניש, אַ האַלדזעניש, אַן
א'.
אויסקטיגורן — [...קאַטיי'גערן] טרוו. קטיגור
אויס, ~געקטיגורט. בּאַשולדיקן אין אַ סך
חטאָים; אָנרעדן שלעכטס אויף אַ צאָל מענטשן.
„וו אַ גערונגענער פּראָקוראָר, קטיגורט ער
י
אויס די אומשולדיקע צוזאַמען מיט די
שולדיקע“, רייד.
אויסקיבּעצן — טרוו. ־עץ אויס, ~
געקיבּעצט. קיבּעצן בּיזן סוף; קיבּעצן אַ צאָל.
“ער גייט אַרום פֿון טישל צו טישל און
קיבּעצט אויס די שפּילערס“.
אויסקיטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געקיטעוועט. בּאַשמירן, אײַנרײַבּן מיט קיט

(דילן); אַרומפֿעסטיקן מיט קיט (שויבן). "אין אַ פּאָר טעג אַרום, דער אייל זאַפּט זיך אײַן און טריקנט צו, קיטעוועט מען די פּאָדלאָגע אויס", בערג, בײַס דניעפּער I.

אויסקײַ — דער. מצ נב. 1. אַקט פֿון אויסקײַען. 2. לעכל, לאָך (ווי אַ רעזולטאַט פֿון אויסגריזשען, אויסבײַסן). 3. קאַרב, אײַנשניט (ווי רעזולטאַט פֿון ניט־געראָטענעם אַרבעט־פּראָצעס).

אויסקײַאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקײַען.

אויסקייט — די. מצ נב. נעאָל. מצבֿ פֿון ווערן אויס פֿון ניט־ווערן. ,,...איך שטיק מײַן געפֿיל פֿון א''', טקאַטש, דורשט צוס קוואַל, 1952. נר.

אויסקייטלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקייטלען (זיך). המצאהדיקע א'.

אויסקייטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געקייטלט. 1. אַרויפֿטאָן קייטלעך. פֿאַרקייטלען אַ צאָל (טירן). א, די טירן. 2. פֿאַרבינדן אין אַ קייט(ל). א, אָפּגעריסענע געדאַנקען אין איין צונויפֿגעשלאָסענער טעאָריע. 3. שליסן,

מאַכן אַ קייט. „...מיט טרויבן־שנײַדערס א, די
אַפּגעבּרענטע הענט", פּמ, 'טשאַטערדאַג'.
אויסקייטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
צונויפבּינדן זיך; דערגיין צו אַ (גוטן) סוף נאָך
אַ ריי (טואונגען, בּאַמיאונגען). „הלוואַי זאָל
עס זיך נאָר א, אין אַ גוטער שעה", שע,
מאַריענבּאַד.
אויסקײַכונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסקײַכן; שווערע אַפּאָטעמונג. „דאָס פּנים איז
אַזש בּלוי געוואָרן נאָך דער א'".
אויסקײַכן — אוטוו. קײַך אויס, ~געקײַכט.
אָנהייבּן הוסטן (וויינען, לאַכן) אַזוי אַז עס
פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם אָדער מע קען ניט
אדיפֿהערן. א, פֿון געלעכטער.

אויסקײַכעניש

אויסקײַכעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקײַכן, קײַכן,
פֿאַרקײַכן זיך.
אויסקײַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקײַלן.
אויסקײַלן — טרוו. קײַל אויס, ~געקײַלט.
1. דערשטעכן, אויסשטעכן, אויסקוילען [ניט

מיט אַ חלף, ניט על־פּי דיני שחיטה]. א, די חזירים; א, ווי חזירים. 2. אויסהרגענען, אויסמאָרדן (געוויינטלעך מיט קאַלט געווער). „אַ מוראדיקער גזלן וואָס האָט אַ סך מענטשן אין זײַן לעבן שוין אויסגעקײַלט“, ממוס, קליאַטשקע 3. צעשלאָגן, צעממיתן; פֿאַרשאַפֿן וואונדן מיט אַ שאַרף געווער.

אויסבײַלן און א'.

אויסקײַלן זיך — קזוו, אוטוו ← דפֿוו.

צעממיתן זיך; קעגנזײַטיק זיך שטעכן, צעוואונדיקן. „אויף דער דאָרפֿישער חתונה האָבן

די שיכּו עכ(ד)יקן

— טרוו. ־עכ(ד)יק אויס,

ע מחותּנים זיך אויסגעקײַלט“.

אויסקיי,

-

~געקײַלעכ(ד)יקט. 1. מאַכן קײַלעכ(ד)יק, רונדיק. א, די קרומע ליניע, שינעס.

2. (שנײַדערײַ) צוגעבן בײַם צושנײַדן אַ (האַלבּ־)קײַלעכיקע פֿאָרעם. א, די פּאָלעס פֿון דער מאַרינאַרקע.

אויסקײַלעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקײַלעכ(ד)יקן, אויסקײַלעכן.

אַ שיינע א'.

אויסקײַלעכן — טרוו. ־עך אויס, ~
געקײַלעכט. 1. מאַכן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ
קײַלעך, קויק. א, אַ פילקע פֿון שמאַטעס. 2. דזוו
אויסקײַלעכ(ד)יקן ←. 3. (טאָקעריי)
אויסטאָקן קויקן, קײַקלעך פֿון האָלץ.

אויסקײַלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויע־
דיקער אָדער באַזונדער אַכזריותדיקער) פּראָצעס
פֿון אויסקײַלן.

אויסקײַלער — דער, ־ס. וונ נבֿ. רוצח, גזלן;
אַכזר. ווער עס פֿירט אויס באַפֿעלן צו קײַלן.
„דער הויפּט פֿון דער באַנדע האָט געהאַט
זײַנע א'ס".

אויסקײַען — טרוו. קײַ אויס, ~געקײַט.
1. קײַען ביזן צעקײַען. פֿאַרענדיקן קײַען.
„נו, קײַ שוין אויס און שלינג אַראָפּ דאָס
שטיקל באַנאַנע". א, טאַבעק און אויסשפּײַען.
„...אַ שטרויעלע געקײַט, און אויסגעקײַט אַ
בענקשאַפֿט ווי ברויט אַ רעפֿטל", אפֿא,
לויטער..קוואַל. 2. אויסעסן, אויסבײַסן אַ
לאָך. אויסגריזשען. מײַז קײַען אויס לעכער
אין לעדער. 3. אויסמאַכן אַ צאָל קאַ־בן,
שפּאַלטן, אײַנשניטן, וואו עס האָט געזאָלט
זײַן גלאַט אָדער שאַרף. 4. צעציִען ווערטער
בײַם רעדן; אַרויסריידן מיט שוועריקייטן, מיט

אָפּשטעלן זיך. 5. ווייך מאַכן דורך קײַען.
„די עסקימאָס(ן) קײַען אויס די פֿעלן און
מאַכן דערנאָך קליידער דערפֿון“.
אויסקײַעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסקײַען. א, פֿון טאַבּעק.
אויסקײַקלען (זיך) — קײַקל (זיר) אויס,
(זיך) ~געקײַקלט. לד און אוקר. (אויך;
~קאָקלען, פּאָד, כערסאָן). 1. דזוו
אויסקויקלען (זיך) מיט אַלע בּבֿ. „אַ בּייזער
אונטערגאַנג איז אומגעגאַנגען לאַנג איבּער פֿעלד
און וואַלד, אויסגעקײַקלט יונג און אַלט“, ר,

מרדכילע, 'די מגפֿה־אַסיפֿה'. [בּײַ ממוס זייער
אָפֿט א'.] 2. מאַכן קײַלעכדיק, רונדיק. א,
קניידלעך, פֿלייש־קניידעלעך.
אויסקײַקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקײַקלען (זיך).
אויסקיכלען — טרוו. ־כל אויס, ~געקיכלט.
דזוו אויסקעכלען ←.
אויסקיל — דער. נעאָל. אַקט פֿון אויסקילן.
אויסקיל־אַפּאַראַט, א'־מאַשין, א'־מיטל, א'־

סיסטעם.

אויסקילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקילן. די א, שפּירט זיך גאָרניט.

אויסקילן — טרוו. קיל אויס, ~געקילט. 1. קילן ביז צו דער געוואונטשענער מדרגה. א, זופּ, קאָמפּאָט. א, אַ דירה. 2. מאַכן קילער ווי מע דאַרף (וויל). „פֿאַרמאַך די פֿענצטער, דו קילסט אויס די שטוב„. 3. ברענגען צו אַ רואיקערן צושטאַנד פֿון געמיט. "אויסצו.ק⃞לן דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ איז געווען דאָס איינציקע מיטל — שילטן", אַר, 'דער קוש'.

אויסקילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אײַנשטילן זיך. דער טומל קילט זיך ביסלעכווײַז אויס. „אויסגעקילט זיך דער רעש פֿ⃞ן אַרבעט", אָקרוטני, טמז, 11⃞ II 1953. *זיך א, דאָס האַרץ = זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן, א⃞ יסדערציילן וואָס עס דריקט און זיך פֿילן בעסער. "אָט אַזוי האָט דער פּסוק זיך אַ ב⃞סל אויסגעקילט דאָס האַרץ פֿאַר דעם שיר־השירימזאָגער„, יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

אויסקילער — דער, ־ס. נעאָל. אַפּאַראַט, מיטל אויסצוקילן. דער נײַער א, קאָסט איבער 200⃞ :.

אויסקימלען — טרוו. ־מל אויס, ~געקימלט.
באַשיטן מיט קימל; אַרײַנשיטן קימל. א, ברדיט, טייג.
אויסקימערן זיך — אוטוו ־ער זיך אויס, זיך ~געקימערט. 1. זיך שטאַרק זאָרג—
וועגן אַ צאָל (ענינים, מענטשן). , זיך ו עגן קינדער און אייניקלעך. 2. אויפֿהערן צו זאָרגן זיר. "מעגסט זיך שוין וועגן אים א',
ער וועט זײַן שטעטל אַליין באַשטיין".
אויסקינדיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געקינדיקט. 1. (סוחריש) זיך אָפּזאָגן פֿון באַשטעלונגען סחורה, אָפּמאַך (געווייינטלעך מיט אַ רעכט אויף דעם). א אַלע פֿריִערדיקע
באַ,
שטעלונגען. 2. לאָזן וויסן, רעקלאַמירן, א, אומעטום די נײַע סחורה.
אויסקינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~געקינדלט.
האָבן אַ סך (כּסדר) קינדער. א, פֿינף זין און דרײַ טעכטער.
אויסקינדלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. מער
ניט זײַן בכּוח צו האָבן קינדער (נאָכך אָבן אַ צאָל). "זי איז אין די הויכע פֿערציקער און זי האָט זיך שוין אויסגעקינדלט".
2. בכלל ניט האָבן מער קיין כּוחות (שפּאַסיק).

,,וואָס ווילסטו פֿון מיר? איך האָב זיך
אויסגעהאָרעוועט, זיך אויסגעצערט און זיך
אויסגעקינדלט“, רייד.
אויסקינטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געקינטשעט. פּר, לאָדזש. דזוו אויסקאַנטשען ←.
“...ביז ער וועט א, דאָס שטיקל אַרבעט“, פּ.
מינץ, לאָדזש אין מײַן זכּרון, בּ“א 1958.

אויסקירעווען

אויסקיניגן — אוטוו. ־יג אויס, ~געקיניגט.
קיניגן אַ לאַנגע צײַט. א, אַלע זײַנע יאָרן;
א, גאַנצע פֿערציק יאָר.
אויסקינסטלע(ר)ן — טרוו. ־טל(ער) אויס,
~געקינסטל(ער)ט. 1. אויף אַן אופֿן פֿון אַ
קינסטלער פֿאַרענדיקן שאַפֿן עפּעס. א, אַ
פֿאַסאַד פֿון אַ בנין, א אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג.
,
2. אויסדריקן, אַרויסווײַזן עפּעס ווי אַ
קינסטלער. “...וואָס דאָס איז געווען אַ קינסטלער
אין זײַן מלאָכה, ווי האָט ער דאָס
פֿאַרשטאַנען אויסצוקינסטלערן זײַן רשעות", פֿרוג,
ייִפֿאָל, , 36, 188 No.
אויסקינסטיקן זיך — אוטוו. ־יק זיך אויס,

זיך ~געקינפּטיקט. < אויסקונפּט ←. זיך

אוי קינ ו ג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער נאָכפֿרעג פּרווון) דערגיין וועגן אַן ענין.

רעזולטאַט פֿון אויסקינצלען. אַן א', אַ מײַסטער־ווערק.

אויסקינצלען — טרוו. ־צל אויס, געקינצלט. 1. אויסקינסטלע(ר)ן ←. „זעט די צונגען בײַ די געצן האָט אַ מײַסטער אויסגעשלאָגן, אויסגעשניצט, אויסגעקינצלט פֿרן וְעם ריינסטן גאָלד!“, פּרץ, לידער און פּאָע ען. 2. אויסמײַסטערן; אַזוי גוט פֿאַרענריקן בעלמלאכהשע אַרבעט אַז דער טוער אָל ווײַן שטאַרק צופֿרידן. א אַ פּאָר שטיוועלעך, אַ

,

ל אַלקע, אַ חתונה־קלייד. “...א ן א, יעטוועי

דער קונציקע אַרבעט וואָס וועט איס געגעבן ווערן“, תּי, דבֿרי הימיס ב', בּ, 13. 3. עפּעס אויפֿטאָן מיט קונצן (פֿאַלשקייטן). „הײַנט די ווילדע מופֿתים וואָס דער רבי קינצלט אייס דורך אַ צווײדײַטיקע[ר] תּנועה, א וואָרט, אַ שמייכעלע“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל. 4.

דורכפֿירן עפּעס מיט כלערליי קאָמפּליצירטע פּר ים.
א אַ פּסחדיקן סדר. "...מאַכן דעם בּדיקת
,
חמץ ווי די מקובּלים האָבּן דאָס
אויסגעקינצלט", יודישער פּאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
אויסקינצלעניש — דאָס (די), ־ן. אך סק
נצלונג (מיט מי און זאָרגעוודיקי ט).
אויסקיפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געקיפּלט.
זן. אויסטשעפּע(נע)ן. אויסרייצן זיך מיט
עמעצן. שטערן אין דער אַרבּעט.
אויסקיסרעווען — טרוו. ־רעווע אויס,
געקיפּרעוועט. קלעזמער־לשון. אויסקוימן,
אויסהאַנדלען.
אויסקיצלען — טרוו ־צל אויס, ~געקיצלט.
קיצלען אַ צאָל. פֿאַרענדיקן קיצלען. א, די
קינדער.
אויסקיצלעניש — דאָס (די),. ן. פּראָצעס
פֿון אויסקיצלען. אַ טשעפּעניש, אַן א', אַ
לאַכעניש.
אויסקי'רזשנערן, ־נעוען — טרוו..נער,
־נעווע אויס; ~געקירזשנערט, ~
געקירזשנעוועט. פּפֿ: ~קערזשנערן. פֿאַרענדיקן א
שטיקל אַרבּעט פֿון אַ קירזשנער. א, אַ

שטרײַמל. א אַ פּעלצל.

,

אויסקירעוואַניע — די, ־ס. פּפֿ ← ~

קערעוואַניע. אויך: ~קעראָואַניע.

1. פּראָצעס פֿון אויסקירעווען (זיך). 2. סכום געלט אויף נייטיקע הוצאות. האָבן אויף א'.

אויסקירעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געקירעוועט. לד. פּפֿ: ~קערעווען. 1. אויסדרייען אויף צוריק; בײַטן די ריכטונג בײַם

אויסקירעווען זיך

פֿאָרן. א, די פֿור רעכטס, לינקס. א, די פֿערדלעך. *א, דעם דישל (אויף צוריק) = אויך: בײַטן אַ מיינונג, טאָן פֿאַרקערט ווי פֿריִער.

2. אויסמאַנעווורירן מיט פֿערד און וואָגן (ניט אַרײַנצופֿאָרן אין אַ בלאָטע, אַ טינטערל). „ער לערנט נחן די חכמה פֿון אַן ערדיקן שליאַך, פֿון אַ שטיינערדיקן שאָסיי, פֿון א, פֿון באַרג,

אַראָפּ“, זש, נח פּאַנדרע. 3. איבערדרייען מלבוש פֿון דער רעכטער זײַט אויף דער לינקער. „מע דאַרף דאָס מאַנטעלע א, און עס וועט זײַן ווי נײַ“.

אויסקירעווען זיך — ← דפֿוו. 1. אומדרייען
זיך אין פֿאַרקערטער ריכטונג, אין אַ זײַט.
זיך א, מיטן רוקן צו עמעצן. „ס'איז געווען
מנחה־צײַט, האָב איך מיר אויסגעקירעוועט
מיטן פּנים קיין מזרח, געזאָגט פּיטום הקטורת“,
ממוט, 'דער חילוף'. „ר, לוי קירעוועט זיך
אויס צו דער לבֿנה, פֿאַרגלאָצט מיט די
אויגן...“, מק I.
2. זיך ווענדן צו עמעצן פֿון הינטן אָרער
אין אַ זײַט. „וואַרפֿט זי אַ בליק אויף יענערס
באָקעס...קירעוועט זי זיך אויס און ווינקט
מיט אַן אייגל צו די וואָס שטייען הינטן„,
ממוס, 'צוריק אַהיים'. 3. בײַטן אַ מיינונג
אויף אַ היפּכדיקער; צושטיין צו אַ קעגנדיקער
געזעלשאַפֿטלעכער, פּאָליטישער ריכטונג. זיך
א, און ווערן אַן אַפּיקורס. זיך א, אויף
רעכטס, אויף לינקס.
4. אויסקומען מיט דעם וואָס מע האָט,
פֿאַרדינט. „שווער זיך אויסצוקירעווען מיט
מײַן מאַנס פֿאַרדינסטן“.
5. גוט אויסניצן (באַגרענעצטע)
קענטעענישן. זיך א, מיט דעם וואָס מע האָט
באַוויזן צו לערנען. „ווען ער שרײַבט זײַנע
זכרונות אויף רוסיש... [באַווײַזט ער] זיך פֿײַן א,

אויף דער רוסישער שפּראַך“, בעל־מחשבֿות
.□I□
6. אַרויסדרייען זיך פֿון אַ שווערן מצבֿ;
בײַטן פּאָזיציע, באַשעפֿטיקונג. „ער האָט זיך
נישט געקאָנט א': קיין רבנות נישט, קיין רבי
נישט, קיין סוחר נישט...וואָס דען?“, יק.
אויסקירצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקירצן. די א, □יז ניט
גענוג.
אויסקירצן — טרוו. קירץ אויס, ~געקירצט.
1. מאַכן קורץ (קירצער) אין אַ היפּשער מאָס
אָדער אַ צאָל זאַכן. א, קליידלעך. א אַן
אַר,
טיקל, עס זאָל פֿון דרײַ שפּאַלטן בלײַבן נאָר
איין שפּאַלט. 2. מאַכן צו קורץ; קאַליע
מאַכן דורך קירצן. “זי האָט אַזוי
אויסגעקירצט דאָס קליידל אַז זי קען עס מער ניט
אָנטאָן“.
אויסקלאָגן — קלאָג אויס, ~געקלאָגט. אוטוו.
זייער אַ סך וויינען, טענהן, אויסדריקן הויך
אויף אַ קול ווייטיקן, צרות. „גענוג שוין
אויסגעקלאָגט אויפֿן חורבן“. א, טעג און
נעכט. טרוו — 1. אויסיאָמערן; דורך
קלאָגערײַ אויסדריקן ווייטיק(ן), צרות. א, דאָס

אומגליק, דעם חורבן, די אַלמנהשאַפֿט. „זיי
האָבן אויסגעקלאָגט, די פֿאַרקנעכטע מאַסן,
זייער ווייטיק אין רירנדיקע פֿאָלקס־לידער“,
אַש, משה. 2. אינגאַנצן, ביזן סוף
אויסדריקן דורך קלאָגערײַ ביטערן מצבֿ. א,

דאָס האַרץ. „און דו האָסט זיך איצט דער
מאָנט אַלץ און דו קענסט עס ניט פֿאַרטראָגן,
און בײַ רבֿאָן, בײַ רבֿ פּפּאָן ווילסטו איצט
דײַן האַרץ א'?“, אר, ,דער גמרא־ .גון,. „אַלע
ווערטער אויסגעיאָמערט, אויסגעקלאָגט מײַן
לעצטע טרער“, הר, ליכטיקע נסיעה. 3. אָ־
קלאָגן (אַ צאָל) פֿאַרן געריכט. „אַז מע וועט
זיי ניט א, פֿאַרן וואַרפֿן שטיינער, וועט סען
תּמיד מוזן לײַדן פֿון זיי“.
אויסקלאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. קלאָגן
אַ סך (פֿאַר אַ צאָל מענטשן) און אויפֿהערן.
„זיך אויסגעקלאָגט פֿאַר אַלע פֿרײַנד און
ס'איז פֿאָרט ניט גרינגער געוואָרן“. 2. זיך
גרינגער מאַכן דאָס געמיט דורך קלאָגערײַ.
„זיך אויסגעקלאָגט און זיך גענומען שדכ[ע]־
נען“ [ווערטל וועגן אַן אַלמן].
אויסקלאָגעכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אויסקלאָגן (זיך) (קען האָבן בּײַטעם פֿון בּיטול). „הער שוין אויף מיט דײַן א', די אויערן זײַנען שוין פֿול מיט וואַסער".

אויסקלאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסקלאָגן (זיך).

אויסקלאָגער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסקלאָגן. „ער איז אַן א', תּמיד פּראָצעסירט ער זיך„.

אויסקלאָגערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג, בּאַשעפֿטיקונג, אייגנשאַפֿט פֿון אויסקלאָגער. אַ געוויינערײַ, אַן א..

אויסקלאַמערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געקלאַמערט. אַרײַננעמען אין קלאַמערן. א, דאָס שטיק האָלץ און עס אַרײַנשטעלן אין דרייבּאַנק. א, די זײַטיקע בּאַמערקונגען.

אויסקלאַסיפֿיצירן — טרוו. ־ציר אויס, ~קלאַסיפֿיצירט. קלאַסיפֿיצירן בּיזן סוף. א, אינזעקטן, גראָזן. א, ווערטער פֿירונגען.

,

אויסקלאַסירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקלאַסירן.

אויסקלאַסירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־קלאַסירט. 1. אויססאָרטירן, אויססאָרטעווען. א, סחורה. 2. דזוו אויסקלאַסיפֿיצירן.

אויסקלאַפּ — דער, מצ: ~קלעפּ. אַקט פֿון
אויסקלאַפּן. אַ קלאַפּ וואָס קומט אומגעריכט.
שטאַרקער קלאַפּ. „ניט קיין קלאַפּ האָט ער
געכאַפּט, נאָר אַן א׳“, רייד.
אויסקלאָפּאָטשען, ~קלאַפּאָטשען —
טרוו. ־טשע אויס, ~געקלאָפּאָטשעט, ־
קלאַפּאָטשעט. 1. דזוו אויסכלאָפּאָטשען ←. 2.
פֿאַרדרייען פֿאַרטומלען (דעם קאָפּ). א, עמעצן מיט
,
טענות, מיט מעשׂיות.
אויסקלאַפּונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אויסקלאַפּן. 2. מ▯ I, 1/95, פֿאַרטײַטשט '
ובֿשדפֿון, (דבֿרים, כח, 22): „און מיט אויש
קלאפּונג“ [תּי: קאָרנבֿראַנד].
אויסקלאָפּטשען — טרוו. ־טשע אויס,
~געקלאָפּטשעט. דזוו אויסקלאָפּאָטשען ←.
„ער האָט אויסגעקלאָפּטשעט אַ פּלאַץ...און
האָט אַלעס אײַנגעאָרדנט און אײַנגעפֿירט„,
ייִפֿאָל, 29 X 1881.
אויסקלאַפּן — טרוו. קלאַפּ אויס, ~געקלאַפּט.
1. קלאַפּן אַ צאָל מאָל, אין אַ צאָל ערטער
פֿון איין זאַך; אָנקלאַפּן אַ צאָל זאַכן. א,
(אין) די לאָדנס, מע זאָל אויפֿשטיין צו
סליחות. „מ'האָט אויסגעקלאַפּט דאָפּלטע

אויסקלאַפּעניש

מזוזות,,, פּמ. ,,איז דער שמש אַרויף אויף דער בימה און האָט אויסגעקלאַפּט דרײַ מאָל“, שע, מעע)יות און פֿאַנטאַזיעס.

2. טאָן אַן אַרבעט דורך קלאַפּן. א, וועש בײַם טײַך. ,,וועו נישט...אַ דינסטמויד קלאַפּט אויס אַ דיוואַן...וואָלט בײַ מיר אין שטוב שטיל געווען“, פּרץ. ,,אַ פּויערטע האָט פֿלאַקס ...אין וואַסער געווייקט, אויסגעקלאַפּט, פֿעדעם געצויגן“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. א, אַ שניי = אויסשלאָגן אַ פּיאַנע, שוים פֿון אייערווײַסלען. ,,מע קלאַפּט אויס אַ שניי...מע מישט צוזאַמען מיט מצה־מעל...“ פֿאָר, 26 III

,

.19□1

3. אויסדרעשן, אויסמלויצען. מ□1/140 ,t, פֿאַרטײַטשט 'ותחבוט, (רות ב, 17) ,,און, זיא אויש קלאַפּפֿט“. ,,אײַ וואָס איך פֿרעג: האָט זיי דען דער בעל־הבית אַליין אויסגעקלאַפּט די תּבֿואה, אַז איך זאָל זאָגן...“, שהם, יז/ב.

4. אויסהאַמערן, אויסהאַקן, אויסשטאַמפּן. א, מטבעות; א, זשעטאָנען פֿון קופּער. ,,די

גרויסע זילבערנע וויין־כּוסות, אויף וועלכע זענען געווען אויסגעקלאַפּט לתּפאַרת בילדער פֿון דער תּורה הקדושה,,, ייִפֿאָל, 1888, No 10.

5. קלאַפּן, שלאָגן עמעצן אין אַ צאָל ערטער אָדער אַ צאָל מענטשן. א, די ביינער, דעם גאַנצן רוקן. ,,...אויסגעקלאַפּט די ביינדעלעך, אַרויסגעיאָגט אין דרויסן‘‘, פֿל. ,,ווען איז דער גנבֿ געקומען? לאָמיר אים נאָר געשווינד כאַפּן און די ביינער א',,, עט, לידער.

6. מיט קלאַפּן (אויף אַן אינסטרומענט) אַרויסברענגען אַ מעלאָדיע. סיגנאַליזירן דורך קלאַפּן. ,,פּלוצלינג פֿאַרווילט זיך זיי א, גאַמען: טיק־טאַק און טיק־טאַק,,, טעג, קאַפּריזן. ,,האָט די פּויק גובֿר געווען דעם גאַנצן אָרקעסטער און האָט גענומען א, אַזעלכע משוגענע טרעלן‘‘, ל. שאַפּיראָ, נאָוועלן. ,,בשעת מעשׂה האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך דאָס א, דורך די ווענט‘‘, זרובבל, צוק, מאַרץ 1958.

7. אויסדערציילן, פֿאַרשפּרייטן אַ ידיעה, אַ רכילות; אויספּויקן אַ נײַס. ,,אַ בושל וועט שטיין אויף איין פּיסל און וועט א אַ ביינער,

דיקע מעשׂה דעם...פֿאַרנאַכט,,, בערג, די משומדת'. 8. אַרויסקריגן. *א, חיונה =

מיט מאַטערניש אויסשלאָגן חיונה. א, פֿון
אים אַ גראָשן קומט אָן מיט כריין (מג) =
ביטער, שווער.

אויסקלאַפּעכץ — דאָס (די), ־ן.

אויסקלאַפּונג, אויסקלאַפּעניש (קען האָבן בײַטעם פֿון ביטול).

אויסקלאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. 1. ( )
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסקלאַפּן.
2. קינדערשפּיל. [מע ציילט אויס צווישן זיך
אָדער מע פֿאַרמעסט זיך אין לויפֿן און דער
לעצטער „לייגט זיך“, דה פֿאַרשטעלט זיך די
אויגן און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן אַ וואַנט
(טיש). די איבעריקע באַהאַלטן זיך. דער וואָס
האָט זיך געלייגט הייבט אָן זוכן. דער וועמען
ער זוכט אויס לויפֿט צוזאַמען מיט אים צום
אָרט פֿון „לייגן זיך“ און ווער עס קומט
פֿריִער קלאַפּט אויס: איינס, צוויי, דרײַ. אויב דער
געפֿונענער האָט זיך אויסגעקלאַפּט, קען ער
זיך ווידער באַהאַלטן. אַניט, דאַרף דער זוכער
זוכן מיט איינעם ווינציקער. ער זוכט אַזוי

אויסקלאַפּער

לאַנג ביז ער זוכט אויס און קלאַפּט אַלעמען

אויס דער ערשטער. דעמאָלט לייגט זיך דער, ווען מע האָט אויסגעזוכט דעם ערשטן אַזוי. אין דער שפּיל לויפֿן אָפֿט די געזוכטע אַליין אַרויס פֿון באַהעלטעניש און פּאַרמעסטן זיך מיטן זוכער אין צולויפֿן פֿריִער צום באַשטימטן אָרט און אויסקלאַפּן זיך].

אויסקלאַפּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס קלאַפּט אויס. 2. מאַשין, מכשיר אויסצוקלאַפּן. אַ מעכאַנישער א'.

אויסקלאַפּעדײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג, באַשעפֿטיקונג פֿון אויסקלאַפּער.

אויסקלאַפּע(ר)לעך — דזוו אויסקלאַפּעניש, בּ □.

אויסקלאַפּערן — ־ער אויס, ~געקלאַפּערט.
אוטוו — אָנהייבן גיך און אַ סך מאָל אַרויסצוגעבן טעמפּע קלעפּ(לעך) אויף עפּעס אָדער מיט עפּעס. „עפּעס אין דער מאַשין האָט אויסגעקלאַפּערט און מיר האָבן געוואוסט אַז זי איז קאַליע“. טרוו — מיט האַסטיקן און פּילמאָליקן קלאַפּן עפּעס אויסדריקן. א, אַ וואָרנונג.

אויסקלאָקאָטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געקלאָקאָטשעט. סל. אוקר. אויסרײַסן שטיקערווײַז. אויסקלאַפּן, אויסטרייסלען. א, אַזוי, מע זאָל דאַרפֿן אַרויסוואַרפֿן. א, דאָס האַרץ.

אויסקלאָרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקלאָרן (זיך).

אויסקלאָר־רן. ־ו. מאַכן קלאַר ביזן סוף. — טרוו. קלאָר אויס, ~געקלאָרט. ← ~קל

מאַכן קלאָר אַ צאָל. א, די גלעזער. 2. אויסרייניקן דורך אַ פֿילטער, אויסדיסטילירן. לאָזן פֿליסיקייט אָפּשטיין, ביז זי ווערט דורכזיכטיק אָדער ריין פֿון צומיש פֿון שווערערע טיילכעלעך. א, ווײַן, מעד. 3. קלאָר מאַכן אַן ענין, אויפֿקלערן. אויסטײַטשן. א אַלע פּונקטן פֿון

,

געזעץ. א, פּרטים פֿון אַ טעאָריע. „יענעם ענין האָט איר קלאָר געמאַכט, אויסגעקלאָרט?“, א. קאהאן, אינזשעניערן, קיִעוו 1932. 4. דורכקוקן בײַ אַ ליכט, צי אייער זײַנען פֿריש, פֿול, צי זיי האָבן אַ בלוטסטראָפּן. א, אייער.

אויסקלאָרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (פֿון זיך, אָן זײַטיקן אַרײַנמיש) ווערן קלאָר. מעד קלאָרט זיך אויס. די פֿראַגע וועט זיך א, מיט דער צײַט. „די פּאַרווייטיקטע אויגן זענען געוואָרן ווייכער, זיך גענומען א'“, אָפּאַ, ,מיידלעך,.

אויסקלאָרעכץ — דאָס (די), ־ן. איר וועגן אויסקלאָרונג. „נאָך אַזאַ א, ווייסן מיר ערשט

רעכט ניט וואָס דאָס באַטײַט„.

אויסקלאָרער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס קלאָרט אויס; ספּעצ — אייער־סאָרטירער.

א   יב — דער, ־ן. (אויך: ־ונגען). פּפֿ: ב. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקלויבן. גערעאָטענער א'.

אויסקלויבונג — די, ־ען. ← אויסקלײַבונג. פּראָצעס פֿון אויסקלויבן.

אויסקלויב — טרוו. קלויב אדיס, ~ג▯יבן.

ן

ליבן.

פּד, אוקר, דרומדיקע לר. פּפֿ: ~ק — אָפּט מיט ז י ך. 1. אויסזוכן פֿון אַ צאָל זאַכן (מאָמענטן) פֿון ענלעכן אָדער דעם זעלביקן מין. א, אַ מלבוש, אַ בילד. א, אַ פּאַסיקן מאָמענט; א אַ צײַט. א, זיך אַ ווינקעלע צו

שלאָפֿן. א, זיך אַן אַרבעט. „דא היש ער מן

זולט בבֿא אויז קלויבן גאַר איין קושטליכי גולדני קיט און, איין שווארצי סעמטי שויבן“,

בבא־בוך, 204. „אדן ס'איז דאָ קונים וואָס
קומען צו מיר א, ארבע כוסות ווײַן„, שע,
לכּבֿוד יוס־טובֿ.

2. אויסזוכן דאָס שלעכטע אָדער
אומטויגעוודיקע צווישן גוטן אָדער טויגעוודיקן צי
פֿאַרקערט. א, פֿלוימען, (ווערעמדיקע) אַרבֿעס.
„דו זאָלסט מיט מיר א, די שלעכטע גראָז
פֿון פֿעלד הײַנטיקן טאָג“, שהמ, ו/בֿ. “הקבֿ“ה
נידערט אויסצוקלויבֿן די רויזן וואָס זיי
שמעקן אַצינד“, נצ2, יח/בֿ.

3. אויסזוכן פֿון אַ צאָל מענטשן (פֿון אַ
געוויסער גרופּע) די פּערזאָן וואָס געפֿעלט.
א אַ מלמד פֿאַרן ייִנגל. א אַ חתן, אַ כּלה.

„ממעג זיך אויסקלויבֿן ועמן מוויל, אַזו האָבֿן
פֿאָרט אלי לעבֿינדג אַבֿטחון אוף גאָט“, מס,

קהלת, תּקע“ט, ט, 4. „עס איז געבֿליבֿן...אַז
מע זאָל א, איטלעכן אַ 'פּאַנה, [פּאַניענקע],
אַזוי ווי עס קער צו אים“, נחבֿ, 'מעשׂה ממלך
וקיסר'.

4. לויט באַשטימטער, אײַנגעשטעלטער

פּראָצעדור אויסוויילן פֿאָרשטייער(ס),
פֿאַרטרעטער(ס), דורכפֿירער(ס) פֿון באַשלוסן,
אָנפֿירער(ס), מאַכט־האָבער(ס). א, עמעצן פֿאַר אַ
פֿאָרזיצער. א, אין סיים, פּאַרלאַמענט. א,
ריכטערס. א, עמעצן פֿאַר אַ שליח, שתּדלן אאַזוו.
אויסקלויבן זיך — ← אויסקלײַבן זיך.
אויסקלויבעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
(אומגעראָטענער) אויסקלויב.
אויסקלויבעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסקלויבן.
אויסקלויבער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסקלויבן.
אויסקלויבע(ר)לעך — די, במ.
קינדערשפּיל [מע טיילט אויס אַ קיסר און אַ
נאָמענגעבער; דער קיסר גייט אַוועק אין אַ זײַט;
דער נאָמען־געבער גיט יעדער קינד אַ נאָמען,
למשל: גאָלדענער שליטן, גאָלדן פֿערד אע,
אָבער אויך אַזעלכע ווי: שטיק שמאַטע און
אַנדערע שפּאַסיקע נעמען; דער קיסר קומט צו
און דער נאָמען־געבער זאָגט אים: „קיסר,
קיסר, נעם דײַן גאָלדן פֿערד...“. ווען דער קיסר
טרעפֿט, ווערט יענער דער קיסר; דער
נאָמענגעבער קען בלײַבן דער זעלביקער במשך פֿון
שפּיל. די שפּיל קען מען אויפֿהערן צו יעדער

צײַט].

אויסקליאַנטש — טרוו ־טש . אויס, ~
. געען

קליאַנטשעט. פּר אויך: ~ק יענטשען.
מיט הכנעה אויסבעטן, אויסבעטלען. א, אַ
טובֿהלע, אַ גמילות־חסדל. „מוז איך איצט צו
אים אַרײַנלויפֿן, אפֿשר וועל איך א, כאָטש אַ
טייל פֿון זײַן חובֿ“, בערג, בײַם דניעפּער II.
”ער פֿירט זיי צו דער באַנדע אויסצוקל
אַני
טשען אונדז דעם טאָג הײַנט, שוינען אונדז
דאָס לײַב און לעבן“, קוו, גרעראַנגל.

אויסקליאַנטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסקל אַנטשען. אַן א אַז עס ווערט
י
,

אַזש פּריקרע.

אויסקל אַנע לר: ~קלאַנע(נע)ן. דזוו
י נע)ן — טרוו. ־נע אויס, ~
געקליאַנעט. טי
אויסקליאַנטשען ←. דאָס קינד קליאַנעט אויס
אַ קיכעלע.

אויסקלײַבן

אויסקליאַרעווען — טרוו. ־עווע אויס,
~געקליאַרעוועט. פּטמ. 1. מאַכן קלאָר,
לויטער. 2. דזוו אויססקליאַרעווען ←.
אויסקליגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקליגלען (זיך). „נישט דורך
א', דורך כּולו זכּאי, כּולו חייב“, בּראָד, או
סגעקליבּענע שריפֿטן.
אויסקליגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געקליגלט.
אָפּט מיט ז י ך. 1. אויסטראַכטן עפּעס
וואָס האָט אין זיך (געראָטענעם אָדער
אומגעראָטענעם) איַינפֿאַל, המצאה; עפּעס קריגן אויף
אַן אומוועג. א, וואָס צו ענטפֿערן דעם
אָפּאָנענט. א, בּעסערע בּאַדינגונגען פֿאַרשיידענע
. ,,
האַרבּע געזעצן האָט די קראָים־הלכה
אויסגעקליגלט“, שטריגלער. 2. אויסטראַכטן עפּעס
וואָס איז נאָר אויבּנאויף קלוג, אָבּער בּאמת
נאַאיוו, ניט לאָגיש. א, קינדישן תּירוץ.
אויסקליגלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקליגלען. אַן א, פֿון אַ תּם און אָן
אַ טעם.

אויסקליגן —טרוו. ־קליג אויס, ~געקליגט.
אָפּט מיט ז י ך. דזוו אויסקליגלען;
אויסטראַכטן מיט חכמה. „מיילא, וואָסזשע האָבּיך
דאָ הײַנט אזוֹ אוֹס גקלוגט בּעסורס“, מס, קהלת,
תּקע“ט, בּ, 15. „ער הייבּט אָן צו פֿילאָסאָפֿירן
און זיך אויסצוקליגן אַזאַ וועלט־אָנשויאונג...“,
בּעל־מחשבות ״י. „די יִדישע טעאַטער־
דירעקטאָרן פֿלעגן זיך נאָך א, צו בּאַפֿרײַען זיך
אַפֿילו פֿון די אבּיונישע האָנאָראַרן“, מוק,
מײַנע בּאגעגענישן II.
אויסקלײַבּ — דער, ־ן. פּפֿ: ~קלויבּ.
1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקלײַבּן.
2. אויסוואַל, סעלעקציע. “עס איז דאָ אַ גוסט
און אַן א, ניט אַזוי פֿון איינציקע פּערזאָנען
ווי פֿון גאַנצע גרופּעס„, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער 3 .I. בּרירה, אַלטערנאַטיוו.
אויסקלײַבּונג — די, ־ען. פּפֿ: ~קלויבּונג.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקלײַבּן. „אָט
די א, וועט אויך זײַן דורך דער אַנטפּלעקונג פֿון
זײַן געטלעכקייט דאָ אונטן“, תּניא, 234.
אויסקלײַבּיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
אָדער פֿון וואָס מע קען אויסקלײַבּן. „זיי
זײַנען אַלע גוט און געראָטן, בּאמת אַן א'ע
גרופּע, מע קען אַפֿילו זאָגן אַ געקליבּענע

גרופּע“.

אויסקלײַביקייט — די, ־ן. נעאָל.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסקלײַביק. „די קאָלעקציע
איז אַ גוטע און אַ פֿאַרשיידנדיקע, אַזוי אַז זי
האָט די מעלה פֿון א'“.

אויסקלײַבן — טרוו. קלײַב אויס, ~געקליבן.
לד, אוקר. דזוו אויסקלויבן ←. צום בּ1:
„ובפֿרט אין דיא צײַטן אַז בעו“ה דאז פֿיל
האבן לושט צו לייאנן ביכליך אונ, מעשׂית
דיא פֿון אומות העולם זיינן אויז גיקליבן דיא
קיין יראת שמים קענן דרויז לערנן“, כּוכבֿא
דשביט, הקדמה אמשט 1695 [פֿש I]. „דער
וואָס האָט פֿאַר זיך צווייערליי עסנשפּײַז טאָר
ער ניט א, איינס פֿון דעם אַנדערן“, לט2,
1/67. צום בּ2. “אַ שײַער, וואָס מע האָט
אויסגעראַמט פֿון אים ווייץ פֿון תּרומה, הייסט
מען אים ניט אַז ער זאָל זיצן און א,
איינציקווײַז, נאָר ער קערט אויס ווי זײַן שטייגער איז“
זרעיס, פּד/א. צום בּ3: „עלטערן זײַנעו

אויסקלײַבן זיך

באַשערט, אַ ווײַב קלײַבט מען זיך אויס אַליין“,
שוו. צום בּ4: „וועמען אַנדערש האָבן מיר

געקענט א, דערמיט זיך מתעסק צו זײַן, ווען טאַקע ניט אײַך?“, ממוס, קליאַטשע. „...אַ פֿרײַע בחירה אויסצוקלײַבן וואָס פֿאַר אַ וועג ער וויל“, לדבֿ, 346.

5. אַרויסזוכן, אויפֿזוכן (און אַרויסנעמען).

„איר ווייסט נישט אַז עס איז גיקומן איין באַפֿעל...אַז מען זאָל [פֿון] קאָרין [און] פֿון ווייץ אויש קלײַבן, אַז עש זאָל קיין יהודים איבר בלײַבן אין גאַנץ פּוילין“, מע􏰀tזה אומן, [השI]. „די שכינה וועט אַרויסקומען פֿון די קליפּות נאָכדעם ווי עס וועט זיך ענדיקן דער [=דאָס] א, פֿון די ניצוצות“, תּניא, 295. „אַז ער קומט פֿון דער אַרבעט קלײַבט ער אויס און גראָבט אויס פֿון דאָרטן די שטיינער,„ איציק קיפּניס, אונטערוועגנס.

ר ן 􏰀

~ ויבן זיך 1. צוקלײַבן זיך פֿאַרטיק

אויס לייב זי — אוטוו. ← דפֿוו. פּפֿ:

􏰀 ,

􏰀 -

ווערן מיט הכנות; געפֿינען צײַט עפּעס צו
טאָן. „ווען האָסטו זיך אויסגעקליבן צו קומען
צו מיר? אין מיטן נאַכט?“ *קוים א, זיך =
טאָן עפּעס נאָך לאַנגע (און איבעריקע) הכנות.
2. מאַכן נייטיקע צוגרייטונגען און
אונטערנעמען עפּעס וויכטיקס. א, זיך צום יאַריד. א,
זיך חתונה צו האָבן. „דער מאַן איז נישט
דער היים, ער האָציך אויס גקליבן אין אַ ווײַטן
וועג אַרײַן“, מט, משלי, יז, 19.
אויסקלײַבעוודיק — אַדי. 1. וואָס עס לאָזט
זיך אויסקלײַבן, וואָס מע קען פֿון דעם
אויסקלײַבן. “אונדזערע פּרעמיעס זײַנען א': אָדער
איר קענט קריגן מזומן, אָדער איר קריגט דעס
גראַמאָפֿאָן“. 2 פֿטמ אויסקלײַבעריש.
— .
אויסקלײַבעוודיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסקלײַבעוודיק. „מיט
אַזאַ א, וועט ער קיין סחורה ניט קויפֿן“.
אויסקלײַבעכץ — דאָס (די), ־ן.
אומגעראָטענער אויסקלײַב. שלעכטער אופֿן
אויסצוקלײַבן.
אויסקלײַבעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקלײַבן.
אויסקלײַבער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסקלײַבן. אַן א אַ מבֿין. 2. בײַ אומדירעקטע וואַלן —

דער אויסגעקליבענער פֿאָרשטייער פֿון פֿאָלק וואָס דאַרף אויסקלײַבן (דעם פּרעזידענט, דעם דעפּוטאַט אע). „די א'ס פֿון די באַזונדערע שטאַטן קומען זיך צונויף און קלײַבן אויס דעם פּרעזידענט“. „אין דער צאַרישער דומע זײַנען די דעפּוטאַטן באַשטימט געוואָרן פֿון די לאָקאַלע א'ס“. 3. ווער עס איז איבערקלײַבעריש. „אַן א'קע בין איך נאָר געווען בײַ די ערשטע דרײַ חתנים. פֿון דעמאָלט אָן בין איך צופֿרידן געווען אַז איך בין געפֿעלן„, ייִפֿאָל, 22 1885' No.

אויסקלײַבערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסקלײַבער. אַרבעט פֿון אויסקלײַבן.

אויסקלײַבעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע, די נאַטור אויסצוזוכן, אויסצוקלײַבן; דיסקרימינאַטיוו; וואָס האָט אַ גוטן געשמאַק. א'ער געשמאַק; אויף אַן א'ן אופֿן. “אַז מען אין צו א', בלײַבט מען אַן אַלטער בחור“.

„מע מעג זײַן א', אָבער מע דאַרף ניט זײַן איבערקלײַבעריש“.

אויסקלײַבערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסקלײַבעריש. אַ
געזונטע א'. אַן אומגעזונטע א, וואָס גייט אַריבער
אין איבערקלײַבערישקייט.
אויסקליידונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אויסקליידן. 2. די הלבשה, סכום מלבושים
וואָס מע באַשטאַט מיט דעם עמעצן. א, צו
פֿאָרן אין דער פֿרעמד. א, פֿאַרן זעלנער. א,
פֿון חתן.
אויסקליידלען זיך — ־דל זיך אויס, זיך
~געקליידלט. אויסקליידן זיך (←)
אָרעמלעך [אַזוי ווי אַ פֿאַרקלענער־פֿאָרעם פֿון
אויסקליידן זיך]. „זי האָט זיך אײַנגעקויפֿט אַ צוויי
קליידלעך און עטלעכע בלוזקעס, זיך
אויסגעקליידלט און אַוועקגעפֿאָרן צו דעם רײַכן
פֿעטער“, רייד.
אויסקליידן — טרוו. קלייד אויס, ~
געקליידט. לאָזן אויפֿנייען אָדער קויפֿן פֿאַר
עמעצן די גאַנצע הלבשה, די נייטיקע קליידונג.
א, די אָרעמע קרובֿה. א, די קינדער צום
(אויף) יום־טובֿ. א, אַ כּלה צו דער חתונה, ווי
אַ כּלה צו דער חתונה. א, ווי אַ בת־מלכּה,
פּרינצעסין, פּריצטע, גראַפֿינע אע. אויסקליידן
ווי אַ חתן, חתן־בחור, ווי אַ בן־מלך, פּרינץ

אאַזוו. *א, אין עסיק און אין האָניק = אויף אַ זייער רײַכן שטייגער און אַזוי אַז עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן. „וואָרן אַפּרעסר און אַזויפֿר ווערט אַקבצן, און דאָס פֿיל שלאָפֿין קלייד [= קליידט] אויס מיט שמאַטיס“, מס, משלי תּקע״ד, כג, 21. ״מען האָט דאָ גיך געגעבן אַ כאַפּ און אויסגעקליידט איטלעכן צאַפּ, און קינצלעך אויסגעצוואָגן„, עט, משלים. „מע האָט אונדז בײדן אויסגעקליידט אויף יומטובֿ בגדי־מלכות“, שע, 'שיר השירים,.

אויסקליידן זיך — ← דפּוו. 1. זיך אײַנשאַפֿן קליידונג. „אויף הוצאות? דו ווילסט דען זיך א, אָדער איבערניצעווען דײַן קאַפּאָטע?“, ממוס, מסעות. 2. אָנטאָן אַ שיין קלייד. זיך אויסקליידן און גיין צו גאַסט (פֿאָרן אויף אַ חתונה). 3. זיך אײַנהילן; זיך אויספּוצן. זיך א, אין אַ טערקישער שאַל. ווען גאָט: זיך א, אין רחמים, אין לײַטזעליקייט.

אויסקלייען — טרוו. קלײַ אויס, ~געקלייט (אויך: קלייע, ~געקלייעט). 1. באַדעקן, באַשמירן, אויסקלעפּן מיט קלײַ. א, פּאַפּיר, דינע ברעטלעך. 2. אויסניצן די גאַנצע קלײַ (בײַ אַן אַרבעט). א אַ סלאָי (אַן עמער) קלײַ.

,

אויסקלייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
אַזוי ווי קלײַ, געדיכט, קלעפּע(וו)דיק.
אויסקלייע(נע)ן — ← אויסקלייען. (
סטאָליערײַ) צונויפֿקלייען ברעטער אין אַ בלאַט
פֿאַר אַ טיש, טיר אע. „אַ סטאָליער פֿון אַ
גאַנץ יאָר, אַז ער דאַרף למשל א אַ בלאַט

,
צו אַ טיש, קלייעט ער זי אויס פֿון די
ברייטסטע ברעטער“, בער.
אויסקלינגלען — טרוו. ־גל אויס, ~
געקלינגלט. אויסקלינגען מיט גלעקלעך. “
גלעקלער פֿון פּאַגאָדעס קלינגלען אויס הספּדים“,
צײַט, מטטרון.
אויסקלינגען — אוטוו. קלינג אויס, ~
געקלונגען. 1. פֿאַרענדיקן קלינגען. „די

גלעאויסקלעגערן

קער האָבן אויסגעקלונגען און עס איז
געוואָרן שטיל“. 2. אָנהייבן קלינגען. „די
שווערע גלאָקן פֿון דער תּיפֿלה האָבן
אויסגעקלונגען“. 3. קלינגען אַ צאָל מאָל. א, אין
אַלע טירן. 4. ווערן באַוואוסט, קריגן אַ שם,
ווערן פּאָפּולער, באַקאַנט. „(ער) איז געווען

אַ פֿאַרבּיסענער קעגנער פֿון בחורים וואָס ווילן
א, מיט זייער לומדות,,.
אויסקלינגען —, טרוו. ← דפֿוו. 1. מיט
קלינגען צו וויסן געבן וועגן עפּעס. א, אַ
טרעוואָגע, (אַז עס איז) אַ שׂריפֿה. 2.
אַרויסבּרענגען אַ ניגון דורך קלינגען. א, אַ מאַרש.
3 פֿאַרשפּרייטן אַ ידיעה, מפֿרסם זײַן. א אַ
, .
סוד. א, די גרויסע מעלות פֿון קאַנדידאַט. א,
עפּעס פֿאַר דער וועלט. *א, אַלע גלעקער =
א) זיך מיִען עפּעס שטאַרק צו פֿאַרשפּרייטן;
בּ) זיך פּרוּוון בײַ אַלע טירן. ,,אויסגעקלונגען
אַלע גלעקער און ניט פֿאַרקויפֿט קיין בּרעקל
סחורה,,. 4. פּאָפּולער מאַכן. א, עמעצנס שם.
אויסקלינגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקלינגען. הילכיק קלינגערײַ.
אויסקלינגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס קלינגט אויס (← אויסקלינגען, אַלע
בּבֿ). ,,די א, פֿון פֿאַרהאַרטעוועטן קלאָגליד
איבּער די וועגן", ייִש, איק, ר,,ה תּש"ך.
אויסקלינעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~
געקלינעוועט. אַרײַנשטעלן קלינעס. א, די
פֿאַרשמעלטע ערטער.
אויסקל□ען — אוטוו & טרוו. קליִע אויס, ~

געקליִעט. פֿטמ. דזוו אויסטליִען ←.
אויסקל(י)עפּעווען — דזוו אויססקל(י)
עפּעווען ←.
אויסקליעפּען

— טרוו. קליע עפּיען.
אויסע אויס, ~
געקליעפּעט. פּר, אוקר. פּפֿ: ~ק
פלאַפּלען, אויסקלאַפּן; אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ.
,,אויסווייניק האָב איך באַדאַרפֿט אַלץ א, פּוסטע
מעשׂיות און מלחמות", ממוס, קליאַטשע.
אויסקליסהן — [...קליפּען] קליפּה אויס,
~געקליפֿהט. פֿטמ. אוטוו — מיטאַמאָל וערן
שלעכט, בייז (נאָר ווענגן אַ פֿרוי). ,,זי איז
דאַכט זיך גוט, אָבער פּלוצעם קליפּהט זי אויס
און ווערט אַ מכשפֿה ממש". טרוו —
אַרויסווײַזן זייער שלעכטע שטריכן אָדער
מידות (נאָר וועגן אַ פֿרוי). א, איר שלעכטס.
אויסקליפּן — [קורצע, האַרטע י] טרוו. קליפּ
אויס, ~געקליפּט. אוקר. דזוו אויסקלעפּן ←.
אויסקללה(ווע)ן — [...קלאָ'לע(ווע)ן] טרוו.
קללה(ווע) אויס, ~געקללה(ווע)ט. אויסשעלטן,
אויסשילטן. א, עמעצן מיט טויטע קללות.
[אויסקללהווען איז אַזוי ווי אַ
פֿאַרגרעסערפֿאָרעם].

אויסקלעבֿן — טרוו. קלעבֿ אויס, ~געקלעבֿט.
פּר, אוקר. דזוו אויסקלעפּן ←. „מע נעמט
קעז און טייג און מע קלעבֿט אויס קנישעס“,
ממוס.
אויסקלעגער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
פּר. דזוו אויסקלאָגער ←.
אויסקלעגערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויסקלעגער. אַן א, אַזש דער הימל שפּאַלט
זיך.
אויסקלעגערן — אוטון & טרוו. ־גער אויס,
~געקלעגערט. פּר. דזוו אויסקלאָגן ←.

אויסקלעזמערן

אויסקלעזמערן — ־ער אויס, ~
געקלעזמערט. אוטוו — 1. זײַן אַ קלעזמער אַ
לאַנגע צײַט. א, אַ לעבֿן לאַנג. 2. אויפֿהערן זײַן
אַ קלעזמער. אָפּט מיט ז י ך. טרוו —
אויסשפּילן ווי אַ קלעזמער (ניט־געניוג
קינסטלעריש). א, אַ בּאַזעצנס און אַן אונטערפֿירעכץ.
אויסקלעטערן — אוטוו. ־ער אויס, ~
געקלעטערט. קלעטערן אין אַ צאָל ערטער. א,
אין אַלע לעכער. א, אויפֿן בוידעם און אין
קעלער.

אויסקלעמען — טרוו. קלעם אויס, ~
געקלעמט. 1. אַרײַננעמען אין אַ קלעם און
צונויפֿדריקן פֿון בײדע זײַטן (בײַם
באַאַרבעטן עפּעס). א, די שטיקער אײַזן, דאָס האָלץ.
גוט א', עס זאָל זיך פֿעסט האַלטן. 2.
פֿאַרשאַפֿן קלעמעניש, האַרצווייטיק, עגמת־נפֿש.
דאָס אומגליק קלעמט אונדז אויס. א, עמעצן
דאָס האַרץ — פֿאַרשאַפֿן אַ סך צער,
עגמת־־.
נפֿש.
אויסקלעמען זיך — ← דפֿוו. האָבן (
פֿאַרשאַפֿן זיך אַליין) האַרצווייטיק, קלעמעניש
איבער אַ צאָל סיבות אָדער וועגן אַ צאָל
מענטשן. א, זיך איבער דעם ייִנגל, איבער
זײַנע פֿירעכצן. א, זיך איבער (וועגן) די
קינדער.
אויסקלעמעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקלעמען, ב2, און אויסקלעמען זיך.
כמעט דזוו קלעמעניש. מיט בײַטעם פֿון
געדויערדיקייט אָדער עמפֿאָטישקייט. אויך: ־מעכץ.
אויסקלענערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסקלענערן. א, פֿון אַלע צאָלן.
אויסקלענערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געקלענערט. מאַכן קלענער אַ צאָל זאַכן (צאָלן)

דורך עפּעס אַ פּראָצעס, אַן אַרבעט [
פֿאַרקלענערן = פּשוט מאַכן קלענער]. א, אַלע
פּאָזיציעס פֿון בודזשעט. א, די העלצלעך, זיי
זאָלן זײַן באַקוועמער.
אויסקלעסעווען — טרוו. ־סעווע אויס, ~
געקלעסעוועט. פּד. (שוסטערײַ) גאַליאַנטעווען;
אויסגלעטן אָפּצאַס(ן) נאָכן אײַנשוואָרצן.
אויסקלעפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקלעפּן. „די א, פֿון די
וואַלבלעטלעך אין מיטן נאַכט האָבן מיר
דורכגעפֿירט קונציק“, רייד.
אויסקלעפּן — טרוו. קלעפּ אויס, ~געקלעפּט.
1 פֿאַרענדיקן קלעפּן. א אַ פּאָליצע מיט
. ,
פּאַפּיר. 2. אויסניצן דעם גאַנצן מאַטער אַל
י
צום קלעפּן. א, אַלע ראָלקעס טאַפּעטן.
3. אויסטאַפּעצירן. א, די ווענט מיט נײַע
אָבאָיעס. 4. באַדעקן מיט (אַ שיכט) ליים
אָדער אַן אַנדער מאַטעריאַל וואָס מע קען
קלעפּן מיט דעם. א, די שפּאַלטן. א, מיט קיט.
„אויך איז מותּר דעם אויוון אויסצוקלעפּן
מיט ליים וואָס איז נאָך אײַנגעווייקט געוואָרן
פֿאַר יום־טובֿ“, לט2, 1/74. 5. עפּעס

פּראָדוצירן, שאַפֿן, דורך קלעפּן. א, (פֿון פּאַפּיע'־
מאַשע') די מאַפּע פֿון ארץ־ישׂראל פֿון ליים

.״
געקנאָטענעם און ריינעם, פֿון וואַסער פֿונעם
קוואַל געשעפּט, האָבֿ איך אַ מענטשעלע אַ
קליינעם מיט מײַנע פֿינגער אויסגעקלעפּט״,
מל, ,דאָס מענטשעלע'.
אויסקלעסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. בּאַקומען
זיך ווי אַ רעזולטאַט פֿון קלעפּן, אויסקלעפּן.

„זע, ווי גוט די סטאַטועטקע האָט זיך
אויסגעקלעפּט״.
אויסקלעפּעכץ — דאָס (די), ־ן. (
אומגעראָטענע) אויסקלעפּונג.
אויסקלעפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געקלעפּעט. סל. דזוו אויסקליעפּען ←.
אויסקלעפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקלעפּן (געדויערדיק, פֿילמאָליק).
אויסקלעפּער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס קלעפּט אויס. ניט קיין קינסטלער,
נאָר אַ פּראָפֿעסיאָנעלער א, פֿון סטאַטועטקעס.

אויסקלעקן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. קלעקט
אויס, ~געקלעקט. זײַן גענוג אויף וויפֿל מע
דאַרף. אויססטײַען. א, אויף הײַנט. "צוקער
וועט א', אָבער מעל וועט אויספֿעלן"..
אויסקלעקן — טרוו. קלעק אויס, ~געקלעקט.
אויסטריקענען, אַרײַנזאַפּן טינט (פֿליסיקייט
בכלל) מיט קלעקפּאַפּיר אָדער אַן אַנדער מיטל.
מע דאַרף גלײַך א,, אַניט וועט זיך עס
פֿאַרשמירן.
אויסקלער — דער, ־ן. רעזולטאַט פֿון
אויסקלערן, בבֿ 1 2. 2. אויסטראַכט. גוטער
(ווילדער) א'.
אויסקלערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקלערן.
אויסקלערן — טרוו. קלער אויס, ~געקלערט.
← ~קלאָרן. 1. אויסטראַכטן אַ זאַך וואָס
איז ניט אַ געשעעניש, וואָס איז ניט געשען.
א, אַ בלבול, אַ ממזר־בלבול, אַ בלוט־בלבול.
א אַ פּשוטן (קונציקן) ליגן. "ערשט איצט
פֿאַר,
שטיי איך וואָס פֿאַר אַ ממשות עס האָבן די
זינד וואָס די זאַטע קלערן אויס אויף די הו ..
געריקע", ממוס, 'שם און יפֿת'.
2. אויסגעפֿינען, דערגיין מיטן שׂכל צו

עפּעס נײַס. א, אַ נײַע מאַשין. די ענגלענדער
קלערן שטענדיק אויס נײַסן. „איבּור דאָס
האָביך בּייא מיר אין הארצין אויס גיקלערט
מסתּמא מיז גאָט דער נאָך אי דעם ערליחן אי
דעם הולטייא פאַר הערן“, מס, קהלת תּקע„ט,
ג, 17. „דער קלערט אויס מאַשינען, דער
שרײַבּט קלוגע וויכּוחים„, זלמן סאָבּעל, זווגים,
וואַרשע 1874.

3. אויפקלערן; דורכטראַכטן בּיזן סוף;
מאַכן אַן ענין אינגאַנצן קלאָר. „נאָך זײַנע
מעשׂים איז מען אים דן, און זײַנע מעשׂים
קלערן אַליין אויס זײַן דין“, מלרה, יט/בּ.
„בּיז איך וועל מיר ניט אויס קלערן וועלחס
איז פאָרט דאָס גוטי פאַר דוא מענשן קינדר“,
מס, קהלת, תּקע“ט, בּ, 3. חה, 11,
פאַרטײַטשט 'כּי כּבֿר נתבּרר לנו': „דאָס איז בּײַ
אונדז שוין לאַנג אויסגעקלערט געוואָרן“.
„ווילשטו קלוג וערן טואה [= טו] דיני
ממונות לערנין אונ וואול אויש קלעהרן“, עיון,
2/26 [“הרוצה שיחכּים יעסוק בּדיני ממונות“].

4. אויסרייניקן (מיט אַ פילטער),
אויסדיסטילירן. א, ווײַן, מעד. „דיא וואָס בּלײַבּן שפּעט
בּײַם ווײַן, דיא וואָס קומן זיך צום הויף [=
צונויף] אויס קלערן די משקה“, מס, משלי,

תּקע"ד, כג, 30.
5. גײַסטיק אויסרייניקן (זיך);
אויסלײַטערן. „וועל איך דערום שולדיק מאַכן מײַן
זײַל און וועל זי שטראָפֿן...בּיז עס וועט איר

אויסקנאַקן

-

אויסגעקלערט ווערן איר פֿאַרקרימונג און איר
אויסווײַכן פֿון..גערעכטיקייט„, חה, 39.
6. אַוועקטראַכטן, אַבּסטראַהירן. „און דער
קלוגער וואָס פֿאַרשטייט דאָס דער זאָל זיך
א, פֿון דער וועלט זײַן רוחניות און זײַן
איידלקייט", חה, 114.
7. אויסקלערן אייער. ← אויסקלאָרן בּ 4.
אויסקלערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
קלאָר, אָן וואָלקנס. דער הימל וועט זיך א'.
אויך אומפּ: עס קלערט זיך שוין אויס, מע
וועט קענען גיין שפּאַצירן.
אויסקלערע ן — דאָס (די), ־ן. (שלעכטע,
אומגעראָטענע) אויסקלערונג. ליגן, בּלבול.
אויסקלערעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקלערן (מיט אַלע בֿבֿ).
רעזולטאַט פֿון אויסקלערן.
אויסקלערער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסקלערן. ספּעצ:
א, פֿון אייער.
אויסקלערעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויסקלערער; וואָס איז
פֿעאיק, מסוגל אויסצוקלערן. א'ע מיטלען פֿון
אַ לאַבאָראַטאָריע.
אויסקנאָבלען — טרוו. ־בל אויס, ~
געקנאָבלט. אײַנרײַבן מיט קנאָבל; אַרײַנטאָן
קנאָבל אין אַ שפּײַז. א, דאָס פֿלייש פֿאַרן
בראָטן. א, ברויט.
אויסקנאַל — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקנאַלן.
מיטאַמאָליקער, פּלוצעמדיקער הילכיקער קלאַפּ.
אויסקנאַלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסקנאַלן. אַ הילכיקע א'.
אויסקנאַלן — קנאָל אויס, ~געקנאַלט. אוטוו
— מיטאַמאָל, פּלוצעם געבן אַ הילכיקן קלאַפּ,
ווי אַ פֿאָך מיט אַ בײַטש. די בײַטש קנאַלט
אויס. „אָט באַלד קנאַלט אויס אַ דונער און עס
טוט אַ זעץ אַ רעגן“, שע, אין שטורעם. טרוו
— אויספּאַטשן, אויסשלאָגן מיט אַ בײַטש
(קאַנטשיק, נאַגײַקע). א, די רוקנס פֿון די

פֿערד.
אויסקנאַפּן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. קנאַפּט
אויס, ~געקנאַפּט. זײַן ניט אין אַ גענוגיקער
מאָס, אויספֿעלן. עס וועט א, אויף
דורכצוקומען. עס קנאַפּט אונדז אויס מאַטעריאַל.
אויסקנאַקן — טרוו. קנאַק אויס, ~געקנאַקט.
1. מאַכן עס זאָל קנאַקן. *א, די פֿינגער =
ציִען מיט די פֿינגער פֿון איין האַנט די פֿינגער
פֿון דער צווייטער און אַרויסבּרענגען אַ
קנאַק(עלע) בײַ די געלענקען. "ער קנאַקט זיך
אויס די דאַרע פֿינגער, פֿאַרמאַכט דאָס
תּהילימל...", פּרץ, 'משופּע'. *א, די ביינער = זיך
אויסציִען אין דער גאַנצער לענג (עס טרעפֿט אַז
עס גיט אַ קנאַק בײַ אַ געלענק) נאָכן
שלאָפֿן, נאָכן זיצן אַ געוויסע צײַט. „ער זעצט זיך
פֿאַמעלעכן אויף, טוט אַ גענעץ, אויסקנאַקנדיק
די ביינער", ממוס, ווינטשפּ. *א, די ביינער אין
באָד (סאָניק, גאַליציע). 2. מאַכן אַ שפּאַלט,
צעדריקן מיט אַ קנאַק. א, ניס(לעך) =
צעבּרעכן שאַלעכץ און אַרויסנעמען די יאָדרעס. א,
לײַז, פֿליי. 3. אויסשיסן (פֿון אַ רעוואָלווער,
ביקס). "האָט איינער אַ כאַפּ אַרויס געטאָן אַ
רעוואָלווער און — האָט אויסגעקנאַקט", ווײַס,
א שטעטל. א, (די צוויי באנדיטן) = דערשיסן.

4. עפּעס אַרויסזאָגן וואָס זאָל מאַכן דעם

אויסקנאַקן זיך

אײַנדרוק פֿון אַ קנאַק. א אַ ליגן. א אַ
לאָ, ,

זונג.
אויסקנאַקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. איר.
אויספּוצן זיך אויף אַ שרײַאיקן אופֿן, זיך א,
אין נײַע שטיוועלעך.
אויסקנוטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~
געקנוטעוועט. אויסקלאַפּן, אויסשלאָגן מיט אַ
קנוט (נאַגײַקע, בײַטש). א, די געפֿאַנגענע,
אַרעסטאַנטן.
אויסקנוילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקנוילן. שׂכלדיקע א, פֿון
אַ פֿאַרוויקלטער פּראָבלעם.
אויסקנוילן — טרוו. קנויל אויס, ~געקנוילט.
1. אויספּלאָנטערן אַראָפּנעמען פֿאָדעם פֿון אַ
.
קנויל. א, וואָל, באַוול. 2. פֿונאַנדערוויקלען
און קלאָר מאַכן קאָמפּליצירטן ענין. א, אַ
שווערע אויפֿגאַבע. 3. מאַכן קנויל(ן). א,

שפּאַגאַט, שטריק. א, וואָל.

אויסקנופּן — טרוו. קנופּ אויס, ~געקנופּט. ← ~קניפּן. 1. מאַכן אַ קנופּ, אַ צאָל קנופּן. א, פֿעסטער, עס זאָל ניט זײַן אַזוי לויז. א, אַ שטריק מיט עטלעכע קנופּן. 2. באַפֿרײַען פֿון אַ קנופּ. קנופּ אויס אָט דעם פֿאַרדרייטן קנופּ. 3. בײַם שטיקן, שטריקן, מאַכן קנופּן. א, לויטן מוסטער.

אויסקנורענען — טרוו. ־רע אויס, ~ געקנורעט. זאַמעט. < ליט 1. אויסוואָרטשען, אויסבורטשען. א, ווי אַ קאַץ. די אַלטינקע קנורעט עפּעס אויס. 2. אויסזוכן, אויסטאַפּן. א, אַלע ווינקעלעך און אָנמאַכן אַ הקדש.

אויסקנורענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויסבורטשען זיך, אויסוואָרטשען זיך.

אויסקניידלען — טרוו. ־דל אויס, ~ געקניידלט. מאַכן אין פֿאָרעם פֿון אַ קניידל, פּילקע. „א, דעם ווייכן שניי און אַרויס אין מלחמה מיט די ייִנגלעך“, רייד.

אויסקנייטש — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקנייטשן. אויסבייג, אויסדריי. אויסטײַטש. עפּעס אַ נײַער א, פֿון דער פּאַרטייאישער ליניע.

אויסקנייטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקנייטשן.

אויסקנייטשלען — טרוו. ־טשל אויס, ~
געקנייטשלט. מאַכן, שאַפֿן קנייטש(ע)לעך. א, אַ
קליידל. „עלטער און זאָרג האָבן
אויסגעקנייטשלט זײַן פּנים“.
אויסקנייטשן — טרוו. קנייטש אויס, ~
געקנייטשט. 1. מאַכן אַ צאָל קנייטשן אויף
(אין) עפּעס. אויספֿאַלדעווען, מאַכן קנייטשן
און צונויפֿלייגן. א, דאָס פּנים. א אַ טיכע ע.

. ,

„נאָך גוט וואָס עס גייט אים די האַנט
אויסצוקנייטשן פֿון פּאַפּיר לאַמטערנעס„, ממוס,
שלמה. א, רויזעלעך. *א, דעם שטערן = אויך:
(טיף) פֿאַרטראַכטן זיך.
2. דורך קנייטשן אויפֿן פּנים עפּעס
אויסדריקן. א, אַ שמייכ(ע)ל(ע). „די קנייטשעלעך
קריכן זיך פֿונאַנדער, קומען זיך צונויף און
אַלע אינאיינעם קנייטשן זיי אויס אַ מינע פֿון
ביטערקייט אויף די באקן„, בערג, בײַם
דניעפּער.
3 פֿונאַנדערנעמען קנייטשן. א אַ
צע. ,
קנייטשט פּאַפּירל. „מײַן רבי...האָט
געקנייטשט דעם שטערן איבערן תּוספֿות, און
וועט אים שוין מסתּמא קיין מאָל נישט א', ביז

איך וועל נישט קומען און זאָגן דעם פּשט
פֿון תּוספֿות,,, יק. 4. אויסקוועטשן. ,,א אַ

,

טראָפּן מילך“, ,,א, דעם זאַפֿט“, טאַרלער רבי,
סגולות ורפֿואות, לאָדז 1910 (?). 5.
אויסדריקן דורך פֿאַרשיידענע ניואַנסן,
וואַריאירונגען. א, דעם מה־טובֿו. א אַ רעיון.

,

אויסקנייטשעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקנייטשן. ניט־
געראָטענע אויסקנייטשונג.
אויסקנײַפּן — טרוו. קנײַפּ אויס, ~געקנײַפּט,
~געקניפּן. 1. קנײַפּן אַ צאָל (מאָל). א, די
באַקן. א, די ייִנגלעך וואָס זיצן לעבן אים.
2. שטאַרק קנײַפּן; אַרויסקנײַפּן. א, שטיקער
פֿלייש. 3. אַרויסנעמען מיט די פֿינגער,
אַזוי ווי בשעת מע קנײַפּט. א, דאָס ווייכע פֿון
ברויט. ,,זי נעמט און קנײַפּט אויס פֿון
ראָשטשינע אַ שטיק טייג און וואַרפֿט עס אין
פֿײַער אַרײַן“, פּרץ, 'דאָס שטרײַמל,.
4. אַרויסקריגן דורך אַרויסרײַסן. ,,האָרכסט

ווי די שטילקייט נעמט א, קלאַנגען,,, סוצ,
געהיומשטאָט.
אויסקנײַפּן זיך — קזוו. ← דפּוו. קנײַפּן
איינס דעם צווייטן [פֿאָרעם פֿון צערטלען זיך].
,,זיי זיצן אויפֿן גאַניק ביז שפּעט בײַנאַכט
און קנײַפּן זיך אויס".
אויסקנײַפּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסקנײַפּן (זיך).
אויסקנײַפּערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג,
אַרבעט פֿון אויסקנײַפּן (זיך).
אויסקנינען — [...קאַ'ניענען, קי'ניענען] טרוו.
אימפּ, איצ נבֿ. ~געקנינט [...קאַניענט].
אויסקויפֿן [מיט ביטול]. א, אַלץ וואָס עס מאַכט
זיך אונטער די הענט. א, אַ כּלומרשטע מציאה.
אויסקניסענען טרוו. ־סע אויס, ~
געקניסעט. אויך: ~קנישענען. לר (קאָוונע,
שאַוול אא) < ליט. צעראָיען, אויסגראָבן.
אַרײַנקריכן (אין שפּאַלט, לאָך). א אַ
געלע,

גער. א, פֿון אונטער דער ערד.
אויסקנ עז — [לאַנגע י] אוטוו. קני אויס,
~געקניט. 1. מיטאַמאָל, פּלוצעם פֿאַלן אויף
די קני פֿאַר עמעצן. ער קניט אויס פֿאַר

איר. 2. קניִען, בוקן זיך פֿאַר אַ צאָל. א, פֿאַר אַלע געטשקעס.

אויסקניפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקניפּן. א, פֿון זײַדענע פֿעדעם.

אויסקניפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געקניפּלט. מאַכן קניפּל(עך) אָדער באַפֿרײַען פֿון קניפּל(עך). ״מאַמע, קניפּל מיר אויס דאָס שוכבענדל״.

אויסקניפּן — טרוו. קניפּ אויס, ~געקניפּט. דזוו אויסקנופּן ←. אויך אין לר.

אויסקניקן — טרוו. קניק אויס, ~געקניקט. מיטן־גאַליציע. דזוו אויסקנאַקן. א, לײַז אָדער פֿליי.

אויסקנסענען — [...קאַ'נסענען] קנסן (קנסע) אויס, ~געקנסנט (~קנסעט). באַשטראָפֿן אַ צאָל מיט געלטשטראָף, אָדער איינעם מיט אַ צאָל שטראָפֿן. [ס'רובֿ ווען עס רעדט זיך וועגן ייִדישן בית־דין אָדער מצד קהל.] א, פֿאַרן ניט קומען צום בית־דין. א, ביידע צדדים. א, פֿאַרן ניט־צאָלן פּאָדאַטקעס.

אויסקעטשקען זיך

אויסקנעט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקנעטן.
סכום טייג וואָס מע קנעט אויס. גרויסער א'.
אויסקנעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקנעטן. אַ בּאמת
קינסטלערישע א, פֿון ליים.
אויסקנעטן — טרוו. קנעט אויס; ~געקנאָטן,
~געקנעטן [פּד, לאַנגע ע], ~קנעט. 1. קנעטן
בּיז פֿאַרטיק מאַכן. א, טייג, א, חלה, אַ מיירע
מצה. „גאָט האָט פֿאַרראָשטשינעט אַ געדיכטע
בּלאָטע...פֿאַרטאָג האָט ער גענומען חלה,
אויסגעקנאָטן גוט די ראָשטשינע און אָדמען
געמאַכט", הר, אָדמס קינדער. 2. אויסניצן
גאַנצן מאַטעריאַל בּײַם קנעטן. א, די גאַנצע
ליים. 3. אויספֿורעמען, אויסקלעפּן,
אויסמאָדעלירן. א אַ סטאַטועטקע פֿיגור,
מענטשע, ,
לעד. „...אַרומצונעמען דעם מאַטעריאַל, כּדי
פֿון אים אויסצוקנעטן די בּילדער פֿון דעם
ייִדישן וועלט־עפּאָס„, שנ, דערציילערס און
ראָמאַניסטן 4 .II. געשטאַלטיקן, משפּיע זײַן
גײַסטיק. "...האָ□כן אַ נײַ, מאָדערן,
בּאַוואוסטזיניק פֿאָלק אויסגעקנעטן", שטריגלער.
אויסקנעטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקנעטן. אויך: ־טעכ□ן.

אויסקנעכלען — טרוו. ־כל אויס, ~ געקנעכלט. וורר, אוקר. אויסדרייען, אויסלינקען, אויסוויכנען (נאָר וועגן אַ פּוס, וועגן אַ האַנט זן).

אויסקנעלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסקנעלן. אַ ביטערע א'.

אויסקנעלן 1 — קנעל אויס, ~געקנעלט. דזוו אויסקנאַלן ←. פּד.

אויסקנעלן 11 — קנעל אויס, ~געקנעלט. אוטוו — לערנען מיט אַ סך אָנשטרענגונג, מיט איבערחזרונגען, מיט אַ צאָל. „דער אַלטער מלמד האָט שוין אויסגעקנעלט מיט צוויי דורות ייִנגלעך פֿון שטעטל". טרוו — 1. אויסלערנען (זיך) מיט אָנשטרענגונג, אַרײַנהאַקנדיק (זיך) אין קאָפּ. א, געשיכטע פֿאַרן עקזאַמען. 2. אַרויסדרינגען (אויף אַן אופֿן וואָס דערמאָנט קנעלן, לערנען, אײַנלערנען). „[ער] האָט אויסגעקנעלט אַן עצה: ווייסט איר וואָס מע טוט?...ווי אַבֿרהם אָבֿינו האָט געטענהט...", יא, שטערנטיכל.

אויסקנעלעניש — דאָס (די), ־ן. ג״עכ״ו.

דויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקנעלן. אויך. ־

.

אויסקנעלער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. וועמ
עס קנעלט (גוט) אויס. „זי האָט ניט קיין
גוטן קאָפּ, זי איז נאָר אַן א'קע, זי האָט
אַ סך זיצפֿלייש“, רייד.
אויסקנעפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~
געקנעפּלט. 1. פֿאַרקנעפּלען בגדים מיט קנעפּ.
א, די מאַנטעלעך פֿון די קינדער. 2.
אַרויפֿנייען קנעפּ אויף אַ בגד (אויך לשם צירונג).
א אַ מאַנטעלע מיט עטלעכע רייען קנעפּ.

,

3. (טאָקערײַ) אויסטאָקן (הילצערנע) קנעפּ ווי
א צירונג און זיי אַרויפֿזעצן. א אַ ביכערשאַנק.

,

אויסקעטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געקעטשקעט. אויסלאַשטשען, אויסגלעטן,
אויסצערטלען. א, די קינדערלעך.
אויסקעטשקען זיך — קזוו, אוטוו. ← דפֿוו.
קעגנזײַטיק זיך גלעטן, לאַשטשען [נאָר אין אַ
סעקסועלער קאָנאָטאַציע].

אויסקעכלען

אויסקעכלען — טרוו. ־כּל אויס, ~געקעכלט.
1. אַ לענגערע צײַט פֿאַרזאָרגן מיט
ספּעציעלגוטע שפּײַזן; קעכלען אַ צאָל. א, אַ קראַנק
. אויסהאָדעווען. א אַ פֿרײַנד, אַ שׂונא.
ינד; א, די פֿאַרהונגערטע יתומים, נעבעך.

,

3. אויסצערטלען, אויספּיעשטשען.
אַרויסווײַזן פֿאַראינטערעסירונג, זײַן באַזונדער איידל,
פֿארווײַלו, געבן מתּנות. א אַ מיידל. 4. דורך
,

קעכלען עפּעס דערגרייכן. ,,זי האָט געקעכלט
דעם ישיבֿה־בּחור און זיך אויסגעקעכלט אַ
חתן,,, רייד.
אויסקעכלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס,
מיטל אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקעכלען.

אויסקעלבן □יך — אוטוו. קעלבֿ זיך אויס,
זיך ~געקעלבֿט. 1. געבֿערן קעלבֿעלע (מיט
שוועריקייט). „בֿיז די קו האָט זיך
אויסגעקעלבֿט זײַנען מיר געווען אין שרעק“.
2. ניט קענען מער געבֿערן קעלבֿעלעך. „
אונדזער קו איז שוין אַן אַלטע, זי האָט זיך
שוין לאַנג אויסגעקעלבֿט“.
אויסקעלטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געקעלטערט. 1. האַלטן גענוג צײַט אין קעלטער.
א, ווײַן, מעד. 2. אויסקוועטשן ווײַנטרויבֿן.
„אזו אַך איז מותּר וויין אויש צו קעלטרן, אבֿר
דאש ער ווערט איין קעלטר דער צו מאַכן דש
איז אָסור“, לט1, 1/84. 3. מאַכן קעלטער.
אויסקעם — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקעמען.
אָפּפֿאַל בײַם אויסקעמען (אין פֿאַרשיידענע
אַרבֿעט־פּראָצעסן). „דער א, פֿון וואָל איז צו
גרויס, די מאַשין אַרבֿעט ניט גוט“.
אויסקעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקעמען. אַ מעכאַנישע א..
אויסקעמעכץ — דאָס □די), ־ן (־ער).
אויסקעם. אומגעראָטענע אויסקעמונג. א, פֿון
פֿלאַקס.
אויסקעמען — טרוו. קעם אויס, ~געקעמט.
1. אויסרייניקן דורך קעמען; ברענגען אין

אָרדענונג האָר מיט אַ קאַם. א, די האָר, די
באָרד. א, דאָס קינד. „קעם דיר ניט אויס דײַנע
האָר פֿון קאָפּ אויף דעם טיש“, ספֿר היראה,
1877, 23. „מע זאָל בײדע צאַפּעס תּיכּף נעמען
און בײדע זײער שײן א'“, עט, משלים. א,
ז י ך = זיך פֿאַרקעמען די האָר. „זי האָט זיך
אויסגעקעמט גאָר אַנדערש װי תּמיד,
אויסגעזען עלטער“, אָפּא, אַלײן. 2. אַרויסקעמען
עפּעס פֿון די האָר. א, דעם שטויב פֿון די
האָר. א, די לעצטע האָר פֿון פּליך. 3.
דורכפֿירן אַרבעט־פּראָצעס צו רײניקן פֿעדעמדיקן
מאַטעריאַל. א, פֿלאַקס, װאָל. „דער פֿלינק מיט
זײַנע שאַרפֿע צײן קעמט אויס די װאָל“,
װעבערײַ־טערמינאָלאָגיע, כאַדאָרקאָװ. 4. מיט
אַן אײַזערן קעמל מאַכן געמעלן, אוזאָרן אויף
פֿײַכטער פֿאַרב.
אויסקעמעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקעמען. מיט בב 3—4. רעזולטאַט פֿון
אויסקעמען.

-

אויסקעמסן — טרוו. קעמף אויס, ~געקעמפֿט.
1. קעמפֿן ביזן סוף. א, אַ דועל. א, אַ שטרײַט

בּיז איינער פֿאַלט. 2. דערגרייכן
געוואונטשענע רעזולטאַטן דורך קאַמף. א,
גלײַכבּאַרעכטיקונג, זעלבּשטענדיקייט. 3. זיך
בּאָטייליקן אין אַ צאָל קאַמפֿן. „מײַן שטאָט פֿון
העלדן, רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבּן

קעמפֿט דעם פֿינפֿטן יאָר [= רעוואָלוציע פֿון
1905]“, סעג, איצטער. 4. אַנטשיידן
שטרײַטפֿראַגע, קריגן בּאַלוינונג דורך פֿאַרמעסט פֿון
כּוחות. א אַ טראָפֿיי, די האַנט פֿון דער דאָמע.

,

אויסקענדלען — טרוו. ־דל אויס, ~
געקענדלט. אַמ. אויסקלאָרן (אויסקלערן) אייער.
[אויך לאָקל, סאָניק און אומג□].
אויסקענטיקן (זיך) — ־יק (זיר) אויס, (זיך)
~געקענטיקט. דזוו אויסקאָנטיקן (זיך) ←.
אויסקענען — אַקוזוו. □iען אויס, ~געקענט.
אויך: ~קאָנען. פֿטמ. 1. קענען
פֿאַרשיידענע זאַכן, זײַן געלערנט אין פֿאַרשיידענע
פֿאַכן, געבּיטן פֿון וויסן. א אַלע נאָדלפֿאַכן. א,

,

תּשבורת און מדידה. *א, בויען אַ סוכּה = איר וועגן אַ בעל־מלאָכה. 2. גוט, גרינטלעך קענען. א, אַלע תּוספֿותן פֿון דער מסכתּא. א, די געגנט ווי די אייגענע צען פֿינגער.

אויסקענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זײַן נאָענט, אינטים באַקאָנט; זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין עפּעס. א, זיך אין דער ביבליאָטעק. „[דער תּנך] — נישט בלויז אַ הייליק ספֿר, נאָר אויך אַ ממשותדיקע וועלט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט און זיך אויסגעקענט אין אירע שטעט און אין אירע וויסטענישן„, ביקל, טמז, 26 1956. „אין ווין, אין פּאַריז זײַן, אויף די גאַסן דאָרט זיך א, אַליין“, בעריש ווײַנשטיין, אַמעריקע. 2. זיך פֿאַרשטיין אויף עמעצן. „קענסט זיך אויס אויף זײַנע שטיק?“.

אויסקעסטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געקעסטלט. מאַכן צייכענונגען פֿון קעסטלעך; אײַנשטעלן אין קעסטלעך. א, אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און מאַכן אַ שאָכברעט. א, דעם דיל.

אויסקעצלען זיך — אוטוו. ־צל זיך אויס, זיך ~געקעצלט. פֿאַרענדיקן פּראָצעס פֿון געבערן קעצלעך. די קאַץ האָט זיך

אויסגעקעצלט מיט פֿיר קעצעלעך.
אויסקער — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסקערן. 2. אומזאַץ, אומזאַצגעלט. א׳־שטײַער = אומזאַץ־שטײַער, ליטע. א׳־מיטלען = מיטלען זיך אויסצוקער(עווע)ן. א׳־קאַפּיטאַל = אומזאַץ־קאַפּיטאַל.
אויסקעראָוואַניע — די, ־ס. דזוו אויסקערעוואַניע, אויסקירעוואַניע.
אויסקערגעלט — דאָס, ־ן. 1. געלט פֿאַר אַ געשעפֿט, אומזאַץ־קאַפּיטאַל. „געלט [פֿאַר דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע] האָט מען גענומען בײַם אַרבעטסמענטשן...אָט די פּקדונות האָבן [אין 1912] אויסגעמאַכט צוויי דריטל פֿון אַלע א׳ן„, נש, ייִדישע קאָאָפּעראַציע, בערלין, 1925, I, [ריבֿ, ייִג]. 2. געלט פֿאַרן אויסקערן די שול, פּנקס דרעזניץ, תּר„ה, 54/ב [ריבֿ, ייִג].
אויסקערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסקערן. רעזולטאַט פֿון אויסקערן, ב1; סכום שטויב, מיסט וואָס ווערט אויסגעקערט.
אויסקערן — טרוו. קער אויס, ~געקערט. 1 פֿאַרענדיקן קערן. „אַז אַ שלימזלניצע קערט
.
אויס די שטוב, לאָזט זי ליגן דאָס מיסט בײַ דער טיר“, שון.

2. אויסרייניקן פֿון שטוי, מיסט, מיט אַ
בּעזעם אָדער בּאַרשט. ,,בּײַם א, די שטוב
געפֿינט מען אַלץ“, שוו. ,,עז איז איין כּבֿוד שבּת,
דז מן זאַל אלי חדרים ריין אויש קערן“,
לט1, 2/57. ,,דאָס בּית טאָהר מען נישט אוש

אויסקערן

.

קערן מיט איין בּעזים הן אים שבּת הן אים
י,,ט, רק נאָר מיט איין פֿלעדר וויש מעג מען“,
ספֿר שלחן ערוך, ח,,א. *א אַ געוועלבּ (קראָם,
,
שטובּ) (ווי) מיט אַ בּעזעם = אויך: צונעמען
סחורה פֿון קראָם, מעבּל פֿון שטובּ (פֿאַר
שטײַערן). *א, מיט עמעצן די שטובּ = א)
שטאַרק בּאַליידיקן, מבֿזה זײַן; בּ) האַלטן
עמעצן פֿאַר אַ נעבּעכל, זיך ניט רעכענען מיט
אים. *א, די שטובּ (פֿאַר אַלעמען אין די
אויגן) = אויך: אַרויסטראָגן פֿאַמיליע־
קריגערײַען מחוצן פֿאַמיליע־קרײַז. פֿפֿ: א, ווי מיט
אַ (נײַעם, אײַזערנעם) בּעזעם, ווי מיט אַ (נײַער)

בּארשט. א, ווי מיסט, ווי אָפּפֿאַל פֿגל: מע
-
.
טאָר ניט בּײַנאַכט א, די שטוב [אויס מורא פֿאַר שדים]; אַז עמעצער פֿאָרט אַוועק, טאָר מען ניט בּאַלד א, די שטוב [ער זאָל ניט מיטנעמען דאָס מזל].

3. צונויפֿנעמען, צונויפֿקראַצן שטויב, זאַמד, מיסט. מלל פֿאַרטײַטשט 'וסחיתי, (יחזקאל, כו, 4): „אויש קערין“ [תּי: אָפּשאָבּן]. „ער...האָט אויסגעקערט דעם שטויב פֿון דעם וועג און האָט פֿאַרשפּרייט דעם שטויב פֿון צדיקים אַליין“, נחב, 'מעשׂה מחכם'.

4. צעיאָגן, צעשפּרייטן. „...וועט קומען אַ ווינט...און א, די ענניםווי מיט אַ בּעזעם“, פּרץ, 'דאָס וואַסערל'.

5. אויסזוכן, אויסנישטערן. א, די שטוב און ניט געפֿינען. א, אין אַלע ווינקעלעך און זוכן. *א, די שטוב = אויך: בּאַגנבֿענען.

6. אויסדרייען בגד (אָדער טייל פֿון בּגד) אויף אַן אַנדער זײַט. א, אויף דער לינקער זײַט. א אַ מאַרינאַרקע, אַן אַרבּל, אַ פּעלץ.

,

*א, די קעשענע(ס) = אויסגעבּן דאָס גאַנצע

געלט. [אויך אַ סגולה אַז געלט וואָס מע וועט קריגן זאָל בלייַבן]. „צוליב דעם געלט [וואָס מע האָט צוגעזאָגט] האָבן מיר אויסגעקערט די קעשענעס, דער דלות זאָל נישט קיין שליטה האָבן דאָס געלט צוריק אַרויסצונעמען“, ל. פּימסנשטיין, תּיקון לייבעלע, לעמבערג 1894. „[לייוויק] האָט גענומען דעם מיטאָס פֿון דער עקדה...און אויסגעקערט אויף דער לינקער זייט“, שנ, ה. לייוויק. *א, דעם פּעלץ (אויף דער לינקער זייט) = א) אינגאַנצן בייטן מיינונגען, לאָיאַליטעט; ב) זיך שמדן.

7. אויסדרייען אין אַן אַנדער ריכטונג. א, דעם וואָגן, די פֿערד. “זי קערט אויס דאָס פּנים, טוט אַ קוק און ווערט צעמישט“, ממוס, ווינטשפֿ.

8. איבערקערן פֿון אויבן אַראָפּ אָדער פֿאַרקערט. א, דאָס שליטעלע, די קינדער אויפֿן שליטעלע. „די פֿערד האָבן זיך איבערגעשראָקן, אויסגעקערט די קאַרעטע, דער תּוגר איז נעבעך געפֿאַלן, זיך אַ גוטן זעץ געטאָן„, ממוס, מסעות. „איך וואָלט גענומען די נאַטור און זי צעשפּאָלטן און אויסגעקערט זי מיטן סאַמע האַרץ אַרויף“, הל, לידער פֿון גן־עדן. *עס קערט אויס די (גרינע) גאַל = עס עקלט,

עס שטויסט צום בּרעכן.

9. אײַנבּייגן אַ כּלי און אויסגיסן פֿליסיקייט. א, דעם קרוג מיט ווײַן. „די בּהמה האָט מיט די הערנער געעפֿנט די טיר און האָט אויסגעקערט די פּאָמיניצע אין מיטן שטוב“, יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. *א, די מילך

אויסקערן זיך

= אויך: בּטל מאַכן דאָס גוטע מיט עפּעס שלעכטס. *א, די דויניצע (דיניצע) = א) ווי א, די מילך; בּ) פּלוצעם זיך פֿאַרקאַפּריזעווען און אָפּטאָן עפּעס.

אויסקערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿרגל: ~קירעווען זיך. 1. אומדרייען זיך מיטן רוקן, זיך אַוועקדרייען אין אַ זײַט. זיך א, מיט דער פּלייצע צו עמעצן. 2. זיך אויסדרייען אין אַ בּאַשטימטער ריכטונג. זיך א, מיטן פּנים צו דער זון, צום ים. „די בּיידע פֿרײַנד האַקן איבּער דאָס געשפּרעך, קערן זיך אויס מיט דעם פּנים צום גאָרטן„, ממוס, אַ גרויע האָר'.

3. איבּערקערן זיך. „דאָס שליטעלע האָט

זיך אויסגעקערט און די קינדער זײַנען
אַרויסגעפֿאַלן אויפֿן שנײ״. דער וואָגן, די בויד,
קערט זיך אויס. 4. אַנידערפֿאַלן,
אַראָפּפֿאַלן; זיך אײַנבייגן (וועגן אַ כלי וואָס האָט
אין זיך פֿליסיקייט). אַן עמער וואַסער האָט
זיך אויסגעקערט.
5. זיך אַרויסדרייען מיט אַ תּירוץ; זיך אַן
עצה געבן אין אַ שווערער לאַגע. ״אַ ייִד אַ
למדן קערט זיך אויס״, שוו. זיך א, ווי אַ למדן.
6. אויסקומען, דורכקומען מיט ווייניק
געלט אָדער ווייניק מאַטעריאַל פֿאַר אַן אַרבעט.
„אַז עס איז ניטאָ קיין ברירה, קערט מען זיך
אויס״, פֿוול.
7. שטאַרבן, אומקומען, אין געטאָס אונטער
די נאַציס. ער האָט זיך אויסגעקערט = ער
איז געשטאָרבן. ״מיר האָבן איין מאָל געמאַכט
אַ גענויעם חשבון, ווען וועלן מיר, די
דאָקטוירים, זיך א,״, ד„ר פּרץ, דעם גורל
אַנטקעגן, יאָהאַנעסבורג, 1952.
אויסקערעוואַניע — די, ־ס. פּראָצעס פֿון
אויסקערעוועז (זיך). דזוו אויסקירעוואַניע ←.
אויסקע'רעווע — דער. ל2. אומקער,
אומדריי, איבערדריי.
אויסקערעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~

געקערעוועט. דזוו אויסקירעווען ←.
אויסקערעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו
אויסקירעווען זיך. צום בּ1: „אָנשטאָט צו
רײַטן אין דער ריכטונג פֿון דעם נילוס...האָט
ער זיך אויסגעקערעוועט אין אַ זײַט און אין
פֿולן גאַלאָפּ געלאָזט זיך צו דער דעלטע
אַרונטער“, אַש, משה. צום בּ2: „און ווי
איך גיי אַזוי מיט מײַן בן־זוג, קערעוועט ער
זיך אויס צו מיר און גיט אַ שפּײַ אין מײַן
זײַט אַרײַן: דאַנקען גאָט, הייסט עס, געפּטרט
דאָס דאַוונען“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'.
אויסקערעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. מיסט וואָס ווערט (דאַרף ווערן)
אויסגעקערט. 2. אומגעראָטענע אויסקערונג.
אויסקעריניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסקערן (זיך).
אויסקערפּערונג — די, ־ען. נעאָל. סטוטש.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקערפּערן.
אויסקערפּערן — . טרוו. ־ער אויס, ~
געקערפּערט. 1. באַפֿרײַען, אַבּסטראַהירן פֿון
קערפּערלעכן; פֿאַרגײַסטיקן; אריבּערבּרענגען חומר
אין ספֿערע פֿון רוחניות. נעאָל. טטוטש.
2. צוגעבּן קערפּערלעכע פֿאָרמען. א,
אַבּסטראַקטע אידייען דורך פּלאַסטישער קונסט.

~געקראַטעוועט. מאַכן קראַטעס, גראַטקעס.
א, די פּאָליצע פֿאַר כלים. א, אַ שטײַג פֿאַר
הינער. א, פֿענצטער. דזוו אויסגראַטע(נע)ן ←.
אויסקראַטע(נע)ן — טרוו. ־טע אויס, ~
געקראַטעט. 1. דזוו אויסקראַטעווען. 2. ציִען
ליניעס אין דער לענג און אין דער ברייט
(אויף פּאַפּיר, האָלץ). א, אַ בויגן פּאַפּיר.
אויסקראַך — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסקראַכן. מיטאַמאָליקער, פּלוצעמדיקער,
פֿאַרטויבנדיקער קלאַפּ א, פֿון קאַנאָנען.
אויסקראָכמאַ'ל(י)ע(ווע, נע)ן — טרוו.
־ל(י)ע(ווע) אויס, ~געקראָכמאַל(י)ע(ווע)ט.
אויסשטײַפֿן (בײַם וואַשן) אין קראָכמאַל. א,
אַ בלוזקע מיט פֿעלדלעך.
אויסקראַכן — קראַך אויס, ~געקראַכט. אוטוו
— מיטאַמאָל, פּלוצעם געבן אַ גאָר הילכיקן,
פֿאַרטויבנדיקן קלאַפּ. די קאַנאָנאַדע האָט
ווידער אויסגעקראַכט. אַ דונער קראַכט אויס
איבער אונדזערע קעפּ. טרוו — דורך קראַכן

עפּעס אויסדריקן. „ס'האָבן אויבֿן באָמבֿעס
אויסגעקראַכט עשׂו'ס ליד פֿון פֿאַרטיליקונג“,
צײַט, געזאַמלטע שריפֿטן I.
אויסקראָמען —, טרוו. קראָם אויס, ~
געקראָמט. פֿרגל: ~קרעמלען. אויסשטעלן ווי
אין אַ קראָם. ווײַזן. א, זיך מיט ציטאַטן פֿון
גדולים. „ווילט זיך דעם באַזוכער צײַגן פֿאַר
אַ חכם...און וויל א, דאָרטן זײַן וויסן“, אמד.
„האָבן עס זייער גוט אויסגעקראָמט (געוויזן)
פֿאַר דעם גאַסט“, אמד, רויזע פֿינקעל.
אויסקראָמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן האָבן אַ קראָם, זײַן אַ הענדלער.
אויסהאַנדלען זיך, בֿ1. „ניט דערוועגן, ניט
דערמעסטן... האָט אים זײַן סאָוועסט ניט צוגעלאָזן,
און אַזוי האָט ער זיך געקראָמט...ביז ער
האָט זיך אויסגעקראָמט“, ייִפֿאָל, 35 1887, No.
אויסקראַנגלען — טרוו. ־גל אויס, ~
געקראַנגלט. (שטריקמאַכערײַ) אָפּשוואַכן די
דריי־קראַפּט, אַרויסדרייען קראַנגלען. היפּוך
פֿון אָנקראַנגלען.
אויסקראַנצן — קראַנץ אויס, ~געקראַנצט.
אוטוו — מאַכן קראַנץ (קרענץ) פֿון בלומען.
טרוו — אויסצירן מיט אַ קראַנץ (קרענץ).
א, די שטובֿ לכּבֿוד שבֿועות. א, זיך, דעם

העלד.

אויסקראַפּירן — אוטוו. ־יר אויס, ~ געקראַפּירט. אויספּגרן. אויסשטאַרבן [וועגן בעליחיים, וועגן מענטשן בלויז פּעיאָ].

אויסקראָפּן — טרוו. קראָפּ אויס, ~ געקראָפּט. 1. פֿעסט, אינגאַנצן אויסשטאָפּן. אַרײַנשטאָפּן אין זאַק מיט בעטגעוואַנט נאָר אַ קישן און א, דעם זאַק. 2. ספּעצ: אויספֿיטערן, געבן עופֿות איבעריקס צו עסן (כּדי זיי זאָלן ווערן פֿעט). א, אינדיקעס אויף פּסח, א, אַ גענדזל אויף חנוכּה.

אויסקראַפּען, ~קראָפּען — ־פּע אויס; ~געקראַפּעט, ~געקראָפּעט. 1. אויסטריפֿן ←. 2. אויסדראַפּען ←.

אויסקראַץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקראַצן.

אויסקראַצונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקראַצן. 2. ספּעציעלער מין פֿון קינסטלעכן אַבאָרט (אין די ערשטע חדשים פֿון שוואַנגערשאַפֿט). דער דאָקטער

אויסקרוטשע(נע)ן

האָט איר געמאַכט אַן א'. (טשערנאָוויץ,

קאָוונע).
אויסקראַצן — טרוו. קראַץ אויס, ~
געקראַצט. 1. אויסרײַבן מיט נעגל (פֿינגער)
אָרט אויפֿן קערפּער, וואו עס בײַסט. א, דעם
רוקן. א, זיך די פּיאַטע. 2. קראַצן ביז דער
מדרגה אַז מע רײַבט אויס אַ לאָך. „קראַץ
מיר וואונדן אויס — די נעגל זענען שאַרף“,
פּרץ, לידער און פּאָעמען. 3. אויסדראַפּען,
בּ1 ←. א, זײַנע טרייפֿענע אויגן.
4. אויסרייניקן, אויסרײַבן מיט באַרשט,
מעסער. „דער מנהג פֿון ישׂראל איז אַ תּורה
— אויסצוקראַצן די טישן און די בענק און
די ווענט פֿון וועגן טאָמער איז דאָרטן
פֿאַרהאַנדן חמץ“, קה. 5. אויססקראָבען ←. א,
דעם דנאָ פֿון טעפּל. *א, דאָס טעפּל ביזן דנאָ
= אויך: אויפֿעסן אַלץ. 6. (פֿיג)
אויסרייניקן, אויסרײַבן. א, פֿון זיך דעם
גראָבןיונג. „כאָטש דו קראַצסט דײַן הויט ווי אותיות
פֿון אַ טאָוול, קענסטו ניט א, פֿון דײַן געמיט
דעם אָבל“, חג, שײַן פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן.
7. אויסגראַווירן, אויסקריצן. א אַן
עמ,
בלעם, צייכן. 8. אויסמעקן, אויסרײַבן
אָנגעשריבנס. א, די ווערטער מיט גרײַזן.

9. אויסזוכן, אַרויסגעפֿינען; אַרויסקריגן. א אַ נײַעם תּירוץ. א אַ גמילות־חסדל; א, עטלעכע קערבלעך צו באַצאָלן אַ חובֿ. א, אַן אַלט ביכל. „דעם גוף צו היילן קראַצט שוין איטלעכער אויס צו צאָלן דעם דאָקטער און אין אַפּטייק“, ארז, קמ, 18 1864, No. „בײַ איטלעכס קינד האָבן זיך געמיט צוויי קרובֿים: דער טאַטע האָט אויסגעקראַצט איינעם פֿון זײַן משפּחה און די מאַמע איינעם פֿון איר משפּחה“, ממוט, ווינטשפֿ. „אַז מע קראַצט שוין יאָ אויס פֿון די לעצטע בעבעכעס די בידנע פּאָר הונדערט קערבלעך,„ ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, אַדעס, 1895.

אויסקראַצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. איר מאַכן זייער לאַנגע הכנות; קוים זיך אויסקלײַבן, זיך אויספּאָרען עפּעס צו טאָן. *ער האָט זיך קוים אויסגעקראַצט = סוף־כּל־סוף עפּעס געטאָן, וואָס ער האָט שוין לאַנג געזאָלט האָבן געטאָן. “נאָר ביז די מחותּנים פֿון ביידע צדדים וועלן אַמאָל זיך א, קומען“, שע, מנחםמענדל.

אויסקראַצעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקראַצן (זיך).

אויסקראַקען — ־קע אויס, ~געקראַקעט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן, אַרויסברענגען קלאַנגען, ענלעכע צו קראַ־קראַ. דער ראָב אויפֿן שפּיץ בוים קראַקעט אויס. טרוו — עפּעס אויסדריקן דורך קראַקען. א, נײַע סכּנות, אומגליקן. „און ס'קראַקעט אויס די קראָ אַז ס'איז שוין שפּעטער האַרבסט„, מאָל.
אויסקראַקען זיך ▯ אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן קראַקען. „גענוג שוין, זיך שוין אויסגעקראַקעט מיט די אַלע שוואַרצע פֿאָרויסזאָגענישן„.
אויסקראַקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסקראַקען (זיך).
אויסקרוטשע(נע)ן, ~קרוטשקע(נע)ן — טרוו. קרוטש(ק)ע אויס, ~געקרוטש(ק)עט.
עפּעס קריגן, דערגרייכן דורך אַ שפּיצל,

אומאויסקרויזן

ערלעכקייט אין אַ שפּיל, אַ קרוטשקע. א, אַ געווינס; א, צו זײַן דער ערשטער.
אויסקרויזן — טרוו. קרויז אויס, ~געקרויזט.
דזוו אויסגרײַזלען בּ1, אויסקרײַזלען בּ1.
„כ'האָב מיר אויסגעקרויזט די האָר היינט,

אָנגעטאָן אַ העמד אַ קלאָר־ווײַס“, פּמ, שטיפֿעריש.
אויסקרוינען — טרוו. קרוין אויס, ~
געקרוינט. אַרויפֿלייגן אַ קרוין (קרוינען). א,
פּאָעטן מיט העכסטע לויבגעזאַנגען. „די
פּויפּסן האָבן אויסגעקרוינט די
אימפּעראַטאָרן פֿון דער ,הייליקער רוימישער
אימפּעריע'“.
אויסקרויסטענען, ~קרויסקענען זיך —
אוטוו. ־טע, ־קע זיך אויס, ~געקרויסטעט,
~קרויסקעט. ליטע. < ליט. 1.
אַרויסקלײַבן זיך פֿון אַ דירה. זיך א, גלײַך נאָך
יום־טובֿ. 2. אויסקלײַבן זיך, אויסקראַצן זיך
עפּעס צו טאָן. אָ, ביז ער וועט זיך א'!
אויסקרוישקען זיך — קזוו. ־קע זיך אויס,
זיך ~געקרוישקעט. וורר. ראַנגלען זיך און
אויפֿהערן; זיך אויסשלאָגן, זיך אויסראַנגלען
(גוטמוטיק, ווי אַ שפּיל).
אויסקרומונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסקרומען. ← אויסקרימונג.
„דאָס נייטן אַ קינד צו פֿריִען אָנפֿאַנגען...שטיין
מאַכט...אַן א, [פֿון] די פֿיס“, מלכּה בערלאַנט,
די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836.
אויסקרומען — טרוו. קרום אויס, ~געקרומט.
פֿרגל: אויסקרימען. מאַכן קרום (געוויינטלעך

נאָר וועגן אַבסטראַקטע ענינים). א, אַ גלײַכן
גערדאַנק. אויך: א, אַ ליניע.
אויסקרוציע(נע)ן — טרוו. ־ציע אויס, ~
געקרוציעט. וורר. דזוו אויסקרוטשע(נע)ן ←.
אויסקריגן 1 — טרוו. קריג אויס, ~געקראָגן
[לד], ~געקריגן [פּד]. 1. קריגן מיט
אָנשטרענגונג, אַרויסבאַקומען וואָס עס קומט,
וואָס מע דאַרף. א, די חובֿות. א, פֿון אַלע
פֿרײַנד אַ צוזאָג. 2. אַרײַנבאַקומען אַ צאָל
זאַכן אָדער פֿון אַ צאָל מענטשן. א אַ סך
,
מתּנות, קאָמפּלימענטן.
אויסקריגן 11 — טרוו. קריג אויס, ~
געקריגט. באַקומען, דערגרייכן עפּעס דורך אַ
קריגערײַ, שטרײַט. לאָז אָפּ, וואָס ווען?טו א,?
אויסקריגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. האָבן
קריגערײַען, שטרײַטיקייטן מיט אַ צאָל
מענטשן. זיך א, מיט דער גאַנצער וועלט. „ער
קריגט זיך אויס מיט דעם הויזגעזינד“, די
גענאַרטע וועלט (אַרום 1815). „איז ער דען מחויבֿ
מיט דער גאַנצער וועלט זיך אויסצוקריגן?“,
קמ, 2 1866, No.
אויסקריוודען — טרוו. ־דע אויס, ~
געקריוודעט. באַגיין עוולות, קריוודעס בנוגע אַ צאָל;

אינגאַנצן בּאַוועלען. א, שותּפֿים, אָרעמעלײַט.
אויסקריטיקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)־
קריטיקירט. שטאַרק קריטיקירן. קריטיקירן אַ
צאָל מענטשן אָדער פֿאַר אַ צאָל סיבּות. א,
די גאַנצע בּילדער־אויסשטעלונג. א, די
מאָדערנע פּאָעטן. א, עמעצן פֿאַר זײַנע מעשׂים.
אויסקריי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסקרייען.
אַ גרילציקער א, פֿון אַ יונג הענדל.
אויסקרײַדלען — טרוו. ־דל אויס, ~
געקרײַדלט. 1. מאַכן צייכנס, צייכענונגען מיט
אַ קרײַדל. א, די אוזאָרן. 2. (שנײַדערײַ)

מאַכן צייכנס מיט אַ קרײַד(ל) פֿאַרן צושנײַדן.
א אַ פּאָר הויזן.

אויסקרײַדן — טרוו. קרײַד אויס, ~
געקרײַדט. 1. אויסשמירן מיט קרײַד. א, אַ נײַע
פּאָר הויזן. 2. אויסצייכענען מיט קרײַד. א,
אַ ד אַגראַם אויפֿן טאָוול. 3. אויסווײַסן מיט
קרײַד. א, די פֿאַרפֿלעקטע וואַנט.
אויסקרײַז — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקרײַזן.

אויסקרײַזלען — טרוו. ־זל אויס, ~ געקרײַזלט. 1. מאַכן קרויז(ן), קרײַזלעך, לאָקן. א אַ לאָק, א, די האָר. 2. מאַכן עפּעס מיט

,

קרויזן, קרײַזעלעך. "אייניקע אותיות פֿלעגט ער אַזוי א'... אַז מע פֿלעגט זיך כּסדר חידושן", מוק, מײַנע באַגעגענישן. 3. (טאָקערײַ) מאַכן עס זאָל אויסזען כוואַליעדיק, לאָקנדיק. א, אַ שטעקעלע. 4. אויסזינגען עפּעס זיך ציקלענדיק, צעצויגן. פֿרגל אויסגרײַזלען.
אויסקרײַזלען זיך — אוטוו. ← דפּוו. זינגען אויף אַ צעצויגענעם אופֿן, איבּערהזרנדיק גאַנצע טיילן. "דער חזן האָט זיך אויסגעקרײַזלט און דער מוסף האָט לאַנג געדויערט".
אויסקרײַזן — טרוו. קרײַז אויס, ~געקרײַזט. 1. אויסצייכענען אַ קרײַז, קרײַזן. א, אַ דיאַגראַם. 2. אַרויספֿאָרן אין אַ צאָל ערטער (מער ווייניק אין פֿאָרעם פֿון אַ קרײַז). א, די שטעטלעך פֿון אונדזער געגנט.
אויסקריינען — טרוו. קריין אויס, ~ געקריינט. דזוו אויסקרוינען ←.
אויסקרייען — קריי אויס, ~געקרייט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן אָדער איינמאָליק

אַרויסבּרענגען קלאַנגען פֿון (אָדער אַ ביסל ענלעך צו) אַ האָן. „און אַז עס האָט אויסגעקרייט דער ערשטער האָן אויף טאָג...“, שע, פֿאַרכּישופֿטע שנײַדערל. „דאָס בּחורל האָט אויסגעקרייט און זיך פֿאַרשעמט“. טרוו — עפּעס אַרויסבּרענגען, אויסדריקן דורך קרייען אָדער קלאַנגען, ענלעכע צום קרייען. „דער האָן האָט אַלע פֿינף מינוט פֿון קאַטוך אויסגעקרייט זײַן קוקעריקו“, אר, 'ווײַבּערשער שרעק'. א, דעם אָנקום פֿון טאָג. א, אַן ענטפֿער. „לסוף אַ ליכטיקן פֿרימאָרגן אויסגעקרייט דער האָן“, אשט, משליס I.

אויסקרייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קרייען אַ לענגערע צײַט און אויפֿהערן. „די הענער האָבּן זיך אויסגעקרייט און עס איז ווידער געוואָרן שטיל“..

אויסקרייציקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געקרייציקט. אויפֿהענגען אויף אַ קרייץ (אַ צאָל). „א, איז געווען אַ פֿאָרעם פֿון טויטשטראָף בּײַ ד רוימער“..

אויסקרייקענען — טרוו. ־קע אויס, ~ געקרייקעט. (זאַמעט). < ליט. אויסשפּרייטן שטרוי פֿאַר די בּהמות אין שטאַל; אויסבּעטן מיט שטרוי. א, די שטאַל.

אויסקריך — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסקריכן. 2. אינזעקט וואָס קומט אַרויס פֿון
לאַרווע. געבֿורט (בײַ אינזעקטן, בײַ
נידעריקע בעלי־חיים).
אויסקריכן — אוטוו. קריך אויס, איז ~
געקראָכן [ה אָ בּ אין לר און אויך זעלטענער
אין אוקר]. 1. אויספֿאַלן (וועגן האָר). די
האָר קריכן אים אויס. „דעם קעמל זײַנען די

אויסקרימען זיך

-

האָר אויסגעקראָכן", עט, משלים. „ס'פֿעלן ציין
אים און עס פֿעלט אים האָר: ציין פֿון
----.
ברויט מיט זאַמד אויסגעבראָכן, האָר — פֿון
אַש אויפֿן קאָפּ אויסגעקראָכן"„, ממוס, יודל.
2. אויסרײַבן זיך; אָנווערן גלאַנץ. „אַזש פֿון
ווילנע ביז אוקראַינע איז אַ ייִד פֿאַרקראָכן
און די זײַדענע קאַפּאָטע איז אים
אויסגעקראָכן", מל, 'ווילנער ייִדן'.
3. בטל ווערן; ביסלעכווײַז ווערן אויס.

דער שידוך איז אויסגעקראָכן. „[אַזעלכע] איידעמלעך קריכן אויס...אַ מגפֿה אויף זיי", ממונן, ווינטשפֿ. [בּבֿ 1—3 געוויינלעך דריטפּערזאָניק.]
4. קריכן אין אַ צאָל ערטער, צו אַ צאָל מענטשן. א, אין אַלע ווינקעלעך, אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע מקומות. א, צו אַלע גבֿירים, גדולים אע. אויך אַקוזוו: א, אַלע ווינקעלעך. „איך קריך שוין אויס אַלע ווינקעלעך...איך עס שוין דאָס אַש פֿון דער הרובֿע", ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, אַדעס, 1895. 5. געבּוירן ווערן [וועגן נידעריקע בעלי־חיים].
אויסקריכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסקריכן. "אויף זיי איז געקומען אַן א', אויספֿאַלעניש, וואָס אַזוינס קען בּ אַ לעי
בּעדיקן נפֿש גאָרניט געמאָלט זײַן", ממונו, סגולה...
אויסקריכער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס קריכט אויס (צו קריגן פּראָטעקציע). ווער עס קריכט אויס אין פֿאַרשיידענע ערטער. "מײַן ייִנגעלע איז דערווײַל נאָך אַן א', ניט קיין גייער", רייד.
אויסקריכערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג אָדער אייגנשאַפֿט פֿון אַן אויסקריכער. סאַראַ

א', סאַראַ אונטערלעקערײַ!

אויסקרים — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקרימען. אָרט וואו אַ גלײַכער וועג (גלײַכע ליניע) קרימט זיך אויס. „ס'איז דאָ אַן אויסקרים און אַ באַרג־אַראָפּ, פּאָר פּאַמעלעכער„.

אויסקרימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקרימען (זיך). אַ בולטע א'. „די ליפּן הייבן אָן אויפֿגיין אין אַזאַ מין א, פֿון אַ געצוואונגענעם שמייכל“, הל, טמו, 1957 ו20 I.

אויסקרימען — טרוו. קרים אויס, ~געקרימט. פֿרגל: ~קרומען. 1. מאַכן קרום. א אַ

,

ברעט, אַ נאָגל, אַ ליניע. 2. אויסדרייען אין אַ זײַט. א, די שיך, די קנאַפּל. „דער גאַנער סאָפּעט, סמאָרעט מיט די נאָזלעכער,

אויסקרימענדיק דעם האַלדז ווי אַ שלשלת„, ממו , ווינטשפּ. 3. אויסקרומען; קאַליע מאַכן מידות, כאַראַקטער. א, אַ געדאַנק, אַ שיטה. „בטבֿע זענען מיר גלײַך, נאָר אונדזערע צרות און אונדזערע ווייטיקן האָבן אונדז אויסגעקרימט“. 4. פֿאַרדרייען, מאַכן מיט קרומע שטריכן. א, דאָס פּנים.

אויסקרימען זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. קרום
ווערן. בײַ מיר קרימען זיך אויס די שיך.
„הײַנט האָט זיך אויסגעקרימט אַ וואַנט, מאָרגן
רינט פֿון דאַך“, ממוס, 'בּישיבֿה של מעלה'.
ס'לעבּן זײַנס קרימט זיך אויס. 2. מיטאַמאָל
באַקומען (בּכיוון צי אָן אַ כיוון) קרומע
שטריכן פֿון פּנים. “וואָס קרימסטו זיך אויס, ווען
מע רעדט צו דיר?„ ווײס, 'דאָס לעבּן,.

אויסקרימעניש

אויסקרימעניש — דאָס (ד״), ־ן״ פּראָצעס
פֿון אויסקרימען (זיך). [אָפּט איר בײַטעם].
אויסקרימפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~
געקרימפּלט. דזוו אויסגרימפּלען ←,
אויסדרימבּלען.
אויסקריסטאַליזירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסקריסטאַליזירן (זיך).
א, פֿון אַ געדאַנק. א, פֿון אַ פּערזענלעכקייט.
אויסקריסטאַליזירן — טרוו. ־זיר אויס,
~(גע)קריסטאַליזירט. 1. פֿאַרענדיקן
פּראָצעס פֿון קריסטאַליזירן. א, קוואַרץ,
דימענטן. 2. (העלפֿן) שאַפֿן די ענדגילטיקע
פֿאָרעם. „דער ייִוואָ מוז פֿאַרענדיקן דעם

פּראָצעס פֿון אויספֿורעמען, א, און פֿאַרצעמענטירן די יִידישע שפּראַך,,, ימ, 1926. 3. מאַכן אינגאַנצן קלאָר. א אַ געדאַנק, אַ שיטה, אַן
,

איזם.
אויסקריסטאַליזירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך באַקומען אין אַ קריסטאַל־פֿאָרעם. ,,זאַלץ קריסטאַליזירט זיך אויס, ווען דאָס וואַסער ווערט אויסגעפּאַרעט,,. 2. ווערן אינגאַנצן קלאָר, איַינגעשטעלט אין ענדגילטיקער פֿאָרעם. ,,...האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט בײַ אונדז צוויי באַגריפֿן: כּלל־שפּראַך און קולטורשפּראַך“, מוו, סטוטש. ,,ביסלעכווײַז קריסטאַליזירט זיך אויס אין די מוחות דער תּוך פֿון דער איינהייטלעכער שול,,, ימ, נײַס, 1923.
אויסקריסטלעכן — טרוו. ־לעך אויס, ~ געקריסטלעכט. נעאָל. מאַכן מער קריסטלעך. ,,מע קאָן אַלץ גוט מאַכן...מע דאַרף נאָר אויסיִידישן, דאָס הייסט אויך — א, די וועלט“, פּרץ, [בײַם ציטירן] געדאַנקען און אידייען.
אויסקריץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסקריצן. קאַרב. אײַנשניט, לענגלעכע אויסהוילונג.
אויסקריצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסקריצן. „,אָבער די קורצע
א, איז דאָך אַן עדות פֿון עפּעס“, ווײַס, ,ווי
דער גורל פֿירט'.
אויסקריצן — אוטוו. קריץ אויס, ~געקריצט.
אויסקריפּען, אויסגרילצן. אַרויסגעבן
קלאַנגען ווי מע שנײַדט אײַזן. א, מיט די ציין. עס
קריצט אויס אין קאָפּ.
אויסקריצן — טרוו. קריץ אויס, ~געקריצט.
1. מיט שאַרפֿן אינסטרומענט מאַכן (
לענגלעכע) אײַנשניטן אין מעטאַל, שטיין, (אויך האָלץ).
א אַ מצבֿה, א, אותיות. א, לוחות. א אַן
עמבֿ, ,
לעם, אַ סימן. „,...כּדי א, [די עשׂרת הדבּרות]
אין שטיינערנע גשמיותדיקע לוחות„, תּניא,
294. 2. מאַכן געמעלן דורך קריצן. „,אַפֿילו
אַ צורה פֿון אַ מענטש טאָר מען אויך ניט א,
אינגאַנצן, רק דעם קאָפּ אַליין איז מותּר„,
ספֿר שולחן ערוך, ח“ב [זשאָלקווע?]. „,האָט ער
אים געמאַכט זייער אַ וואויל פֿינגערל און
האָט דאָרט אויסגעקריצט געמעלן מיט אַ
בּוים“, נחבֿ, 'מעשׂה מחכם ותּם'.
אויסקריצעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער, שווערער) פּראָצעס פֿון אויסקריצן. א,
אין שטיין. אַ ציין־א'. אויך: ־צעכץ.

אויסקריצער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסקריצן.
אויסקריצערײַ — ־ען. 1. ד אָ ס —
טואונג, אַרבעט, באַשעפֿטיקונג פֿון אויסקריצער.
2. ד י — וואַרשטאַט וואו מע קריצט אויס.

35()

אויסקרישלען — טרוו. ־של אויס, ~
געקרישלט. פֿאַרענדיקן מאַכן ברעקלעך,
אויסברעקלען, אויסבראָקן; אַרויסרײַסן שטיקלעך
פֿון עפּעס. א, דעם טינק פֿון דער וואַנט. א,
פֿאַרפֿעלעך. א אַלט־געבאַקן ברויט.
,

▯

אויסקרישלען זיך —, אוטוו. ← דפֿוו.
אינגאַנצן צעפֿאַלן אויף שטיקלעך, ברעקלעך. דער
טינק פֿון דער וואַנט קרישלט זיך אויס. „דאָס
קיכעלע איז אַזוי מערביק אַז עס קרישלט זיך
אויס אין קעשענע„.
אויסקרישלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקרישלען (זיך).

אויסקרישען — טרוו. ־שע אויס, ~
גערקרישעט. 1. דזוו אויסקרישלען. „איך האָב שוין
גענוג מײַנע ציין אויסגעקרישעט אויף זייערע
געשעפֿטן“, ייִל, וועלט־לוח, אַדעס תּרמ״ג.
2. אינגאַנצן צענעמען, צערײַסן אויף
שטיקלעך. א, דעם צוגעפֿוילטן סלופּ. א, דעם אַלטן
פֿונדאַמענט. 3. אַרויסברענגען אָפּגעריסענע
ווערטער, קלאַנגען [אַזוי ווי שטיקלעך רייד].
א אַ פּאָר אומקלאָרע ווערטער.

'

אויסקרישען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. דזוו
אויסקרישלען זיך. די וואַנט קרישעט זיך אויס.
2. זיך אַרויסרײַסן אין פֿאָרעם פֿון
אָפּגעריסענע שטיקלעך. „מיט באַהאַלטענער שׂנאה
צום מאַן...קרישעט זיך אויס בײַ איר: פֿע,
ברר“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקעך.
אויסקרעדיטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~
קרעדיטירט. 1. געבן קרעדיט אין אַ צאָל פֿאַלן.
2 פֿאַרשרײַבן אויף דער קרעדיט־זײַט
בוך.
האַלטערישע אָפּעראַציעס.
אויסקרעטשמערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געקרעטשמערט. פֿאַרדינען, אויפֿטאָן מיט האַלטן
אַ קרעטשמע. א, פֿײַנע פּרנסה (הכנסה).

אויסקרעטשמערן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אויפֿהערן זײַן אַ קרעטשמער. זיך א, און
פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. אַריבערפֿאָרן אין שטעטל.
אויסקרעכץ — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסקרעכצן. שטאַרקער (מיטאַמאָליקער,
איינמאָליקער) קרעכץ.
אויסקרעכצן — קרעכץ אויס, ~געקרעכצט.
אויך: ~קרעכצען. אוטוו — מיטאַמאָל
(אָדער איינמאָליק, אָדער אינטענסיוו)
אַרויסברענגען אַ קרעכץ. „דודל ווייסט נישט
פֿאַרוואָס, אַז דערהערנדיק דאָס, האָט ער אַליין
אויך אַרויסגעקרעכצט“, ווײַס, 'דער
איבערגאַנג'. טרוו — דורך אַ קרעכץ אויסדריקן
(געפֿיל, שטימונג, איבערלעבונג). א, זײַן
רחמנות. א אַ ווייטיק. „האָבן דעכער
אויסגע,
קרעכצט אַ פֿאַרגליווערט־דערשראָקענעם
סאַלוט“, פּמ, דור־אײַן דור־אויס.
אויסקרעכצן זיך — אוטוו. ← דפּוו. קרעכצן
און אויפֿהערן. דורך קרעכצן זיך מאַכן אַ
ביסל גרינגער אויפֿן געמיט. „דערהערט די
טרויעריקע בשׂורה, האָט ער זיך
אויסגעקרעכצט און זיך גענומען ווײַטער צו דער
אַרבעט„.

אויסקרעכצעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסקרעכצן (זיך). אַן א, פֿון אַלע זײַטן.
אויסקרעכצער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס קרעכצט אָפֿט אויס. 2. (אין

אויסקרענקען

פֿאַרשטעלטן לשון) ווער עס לאָזט אָפֿט אַרויס נפֿיחות.
אויסקרעכצערײַ — דאָס & די, ־ען.
טואונג, געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקרעכצן (זיך).
אויסקרעלן — אוטוו. קרעל אויס, ~געקרעלט.
אויסבלעזלען, אַרויסברענגען שוים.
אויסקרעלן —. טרוו. קרעל אויס, ~
געקרעלט. אויסקראַצן, אויסדראַפּען. א, די אויגן. א, מיט לאַנגע נעגל אַ שראַם אויפֿן פּנים.
אויסקרעמלען — טרוו. ־מל אויס, ~
געקרעמלט. פֿרגל: אויסקראָמען. 1. אויסלייגן (אויף אַ געשטעל, אין פֿענצטער) סחורה [געוויינטלעך וועגן ניט קיין סך און אָרעמע אַרטיקלען]. א, די ליימענע כלים, דאָס ביסל

גלאָזוואַרג. 2. אַרויסוויַיזן קענטעניִשן כּדי צו
ווערן חשובֿער, איר. א, די עטלעכע פּסוקים
וואָט מע געדענקט פֿון די חדר־יאָרן. 3.
אויסבּרענגען, אויספֿאַרקויפֿן. א, אַלץ און בּליַיבּן
מיט ליידיקע פּאָליצעס. אויך מעטאָנימיש. „בּיַי
דעם טיש האָט ער...אויסגעקרעמלט אַלע זיַינע
ליגנס", אמד, דער אידישער פּאָסלאַניק, ווילנע
1880. 4. מיט ז י ך , זיך אויסטאָן
האַלבּנאַקעט. וואוילינגעריש.
אויסקרעמלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויספּאַק(עווע)ן, צעלייגן זיך מיט דער
גאַנצער סחורה. זיך א, אויפֿן יאַריד. „זיך
א, מיט אַלע קלומקעס, מיט אַלע פּעקלעך,
בּ א פֿרעמדן אין שטוב האָט ניט קיין פּנים",
יִ
ייִפֿאָל, 2 .32 1887, No. אויפֿהערן זיַין אַ
קרעמער( ). „קונדן האָבּן ניט אַריַינגעשמעקט
צו אים, האָט ער זיך אויסגעקרעמלט".
אויסקרעמלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסקרעמלען (זיך).
אויסקרעמערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געקרעמערט. 1. אויספֿאַרקויפֿן. א, פֿאַרלעגענע
סחורה פֿאַר האַלבּ־פּריַיז. 2. אויסדינגען. א,
אַ בּילד. 3. אויסקרעמלען, בּ1. 4.

פֿאַרדינען דורך זײַן אַ קרעמער. א, חיונה פֿאַר זיך און פֿאַר אַן אײדעם.

אויסקרעמערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אויפֿהערן זײַן אַ קרעמער. 2. אויסלעבן זיך ווי אַ קרעמער. „געווען אַ יריד פֿאַר אַ גילדן...געווען איז אַ ביסל אַ געפּילדער... בײַ אַנדערע קומט עס פֿאָר מילדער: מע קרעמערט זיך אויס דזשענטעלמעניש“, סעג, דאָרטן.

אויסקרעמפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~ געקרעמפּלט. אויסבאַרשטן, אויסרייניקן פֿון אפּפֿאל פֿון צויטן. א, וואָל.

, —

אויסקרעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע אויס, ~געקרעמפּעוועט. שטאַרק, פֿעסט אויסבינדן; אויספֿעסטיקן מיט שטריק. א אַ גרויסן פּאַק

,

סחורה. א, געהילץ. א, אַ פּליט.

אויסקרענצלען — ־צל אויס, ~געקרענצלט. אוטוו — מאַכן קרענצל(עך) פֿון בלומען. טרוו. — אויסצירן מיט אַ קרענצל (קרענצלעך). א, די האָר.

אויסקרענקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסקרענקען (זיך). אויך: ־קעכץ.

אויסקרענקען — טרוו. קרענק אויס, ~
געקרענקט. 1. אויסגעבן (דאָס גאַנצע) געלט

אויסקרענקען זיך

איבער קראַנקייט(ן). א, אַ מטמון מיט גאָלד
אויף דאָקטוירים און רפֿואות. א, די גאַנצע
וואָך שׂכירות פֿרעמדס קרענקט מען אויס,,,

-

„ .
שוו [= אַז מע נעמט פֿרעמדס, גיט מען עס
אויס אויף דאָקטוירים]. „אַזוי, דו ביסט אַ
שיכּור! א, זאָלסטו יענעמס בראָנפֿן, יענעמס
בלוט“, ממוס, קליאָטשע. קללות: א, זאָל ער
עס! א, זאָל ער אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט (און
פֿאַרזעצן דער ווײַבס ספּאָדניצע). 2. פּטרן אַלע
כּוחות בײַ אַ קראַנקייט. א, דעם מאַרך פֿון די
ביינער. א, דער מאַמעס מילך (אויך ווי אַ
קללה). 3. באַצאָלן פֿאַר נחת, (טובֿה, גוטס,
גליק), מיט ווייטיקן, צרות, צער. א, די טובֿה,
דעם נחת. „די גוטע [= אַלדאָס גוטס] האָט
ער אויסגעקרענקט און די שלעכטע [=

אַלדאָס שלעכטס] איז געבליבן“, פֿוּל. „דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן אָן דעם קעלבל צו געדענקען, וואָרן ווּעסט עס א'“, עט, משליט. „גאָט האָט מיך געשטראָפֿט — איך האָב זי [= די פֿאָן] אויסגעקרענקט„, שע, 'די פֿאָן'. „די מילך פֿון זײַן מוטער טוט ער אים א'“, בנימין־זאבֿ ראַבינאָוויטש, דישפּוט פֿון אַ שילער מיט אַ קלויזניק, ווילנע 1877.

אויסקדענקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זײַן קראַנק אַ לענגערע צײַט און נעמען געזונט ווערן. „גענוג אָפּגעקרענקט, גענוג זיך אויסגעקרענקט, שוין צײַט צו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך„, רייד. 2. האָבן אַ לענגערע צײַט (אָדער אַ סך) האַרצווייטיק, צער. א, זיך נאָכן טויט פֿון קינד פֿטמ.

.

אויסקרענקעניש — דאָס (די), ־ן. גערויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסקרענקען (זיך). האַרצעסעניש, געדויערדיקער צער.

אויסקרעפּירן — אוטוו. ־פּיר אויס, ~(גע)־קרעפּירט. דזוו אויסקראַפּירן ←.

אויסקרעפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~ געקרעפּלט. 1. אויסניצן צו מאַכן קרעפּלעך. א, דאָס איבערגעבליבענע פֿלייש, לעבער.

2. צעהאַקן, צעשלאָגן. איך וועל דיך א, ווי (אין) קרעפּלפּלייש.

▯

אויסקרעסטיקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געקרעפּטיקט. 1. מאַכן שטאַרק, מיט מער כּוחות. א, דעם קראַנקן מיט ייַכלעך. א, מיט נאָך שטריק. 2. באַשטעטיקן; צוגעבן מער וואָג, חשיבֿות. א, מײַן געדאַנק מיט אַזעלכע ראַיות.

אויסקרעציקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געקרעציקט. 1. מאַכן קרעציק; אָנשטעקן מיט אַ קראַנקייט וואָס גיט אַרויס קרעץ. א, עמעצן מיט אַ פּאַרך, סיפֿיליס. 2. איבערגעבן, פֿאַרשפּרייטן זייער שלעכטע מידות. א אַ

,

גאַנץ פֿאָלק מיט ראַסיזם.

אויסקרעקן — קרעק אויס, ~געקרעקט. אוטיו — אַרויסגעבן אַ גרעפּס, שווערן אָטעם (מיט שלעכטן ריח); מיטאַמאָל דערפֿילן דריקעניש אין מאָגן. ער קרעקט אויס — און אומפּ: עס קרעקט אים אויס. טרוו — אויסשפּײַען, אויסבֿרעכן. "אויף אַלע פֿיר [זיך] אויסגעשטרעקט און האָט די נשמה אויסגעקרעקט",

עט, משליס.
אויסקרעשטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געקרעשטשעט. סל. אַריבערברענגען אין
קריסטלעכן גלויבן. א, די געצנדינערס.

351

אויסראַבירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
ראַבירט. אינגאַנצן אויסליידיקן דורך רויבן.
באַרויבן אַ צאָל. א אַלץ וואָס איז דאָ אין
,
שטוב; א, די שטוב. א, אַלע ייִדישע הײַזער.
,,אַ רויבער־באַנדע...האָבן בדעה נאָר
אויסצוראַבירן אונדז,,, אמד, דאָס קינד אין וואַלד II,
ווילנע 1876.
אויסראַבליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע) אויס,
~געראַבליע(ווע)ט. דזוו אויסגראַבליע(ווע)ן ←.
אויסראַבעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געראַבעוועט. דזוו אויסראַבירן ←.
אויסראַדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~ראַדירט.
אויסגראַווירן, אויסקריצן; אויסמעקן,
אויסרײַבן. א אַ פֿיגור.
,
אויסראָהאָטשען — אוטוו. ־טשע אויס,

~גערעָהאָטשעט. וורר, אוקר. 1. אָנהייבן
לאַכן אויף אַ הויך קול. 2. מיטאַמאָל,
פּלוצעם אָנהייבן לאַכן מיט אַ דין, דריבנע
געלעכטערל.
אויסראַזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)
ראַזירט. אויסגאָלן. ,,...פּונקט אַ באַרבער וואָלט
פֿון האַרצן די געפֿילן אויסראַזירט“, אר, ,די
קעלנערין,.
אויסראָט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסראָטן.
פֿאַרטיליקונג. ,,איך גיי צום סוף, צום
אויסראָט, מיט דײַן וואָפֿן“, סעג, איצטער. א'־
מלחמה, ־פּלאַן, ־קריג אא. ,,היטלער האָט
דערקלערט אַן א'־מלחמה דעם ייִדישן פֿאָלק
אומעטום“, ימ, קולטוך און דערציאונג, 1939. ,,די
רייד...זײַנען געניצט געוואָרן ווי אַ
קאַמופֿלאַזש פֿאַרן א'־פּלאַן“, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן.
אויסראָטונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסראָטן. די א, פֿון די ייִדן אין די געטאָס. ,,דער
שאַפֿערישער גײַסט האָט נישט אויפֿגעהערט,
ביז סע איז נישט געקומען די גרויזאַמע
פֿיזישע א',,, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש.
אויסראַטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)
ראַטירט. 1. אויסראַטעווען, אַרויסראַטעווען. א,

עמעצן פֿון אַ סכּנה; א אַלע אײַנוואוינערס
'
בײַ אַ פֿאַרפֿלייצונג. 2. אויסשטעלן אין אַ
צאָל טערמינען, ראַטעס. א, דעם חובֿ אין דרײַ
ראַטעס.
אויסראָטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)
ראָטירט. אויסדרייען אין אַ קרײַז, אַרום אַ
צענטער. א, די קינדער אין קאַראַהאָד, די
פֿערדלעך פֿון קאַרוסעל.
אויסראָטן 1 — [קורצע אָ אין אַלע דיאַלעקטן]
טרוו. ראָט אויס; ~געראָט, אויך: ~געראָטן.
1. אויסרײַסן, אויסיעטן. „ווען איך האָב
אויסגעראָטן דאָס ווילדגראָז און די דערנער...“,
לאַפּין, צייכנס. „די ווילדע גראָזן אויסגעראָט
און געמאַכט, ברויט זאָל וואַקסן“, פּה, פֿון
ווײַטע לענדער. מלל, 2/77 פֿאַרטײַטשט:
'
למשאות אותה משרשיה, (יחזקאל, יז, 9):
„אויש ראטין“ [תּי: אויספֿליקן]. 2.
אויסמעקן, אויסווישן; אָפּשאַפֿן. „דאָס קינד ווערט
קיינמאָל אין מענטשן ניט אויסגעראָט“,
בעלמחשבות II. “געגלייבט בתּמימות אַז ער גייט
אויסלאַכן, א, די ריטער־ראָמאַנען“, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער, II. “ווי קען מען בייז

א, מיט בייז, ווי קען מען באַשטראָפֿן פֿאַר

אויסראַכען זיך

בלוט מיט בלוט", הל. 3. אויסוואָרצלען.
„ביי שמואל איז דער שטאַרקסטער מאָטיוו
געווען אויסצוראָטן דאָס געצנדינעריי פֿון
צווישן די ייִדן", אפֿא, געטראַכט מיט
עבֿריטייטש. 4. איגנאַנצן פֿאַרטיליקן,
אומברענגען ביזן סוף. „ווען גאָט טוט [דעם רשע]
אויש ראָטן, קען עש דיר אויך גיראטן", עיון,
1/17. „די בלוטיקע, בעסטיאַלישע האַנט האַלט
אָן אויפֿהער אין איין א, אונדז פֿיזיש, האַלט
אין איין שיסן, ברענען, סמען מיט גאַזן",
מנחם קאָן, רינגעלבלום־אַרכיוו, No 175, 1942.
אויסראָטן 11 — [פֿד, אוקר, אונגייִ ו]
טרוו. ראָט אויס, ~געראָטן. אויסעצה(נע)ן.
א, די פֿריינד וואָס צו טאָן אין אַ נויט.
אויסראַטעווען —. טרוו. ־עווע אויס, ~
געראַטעוועט. ראַטעווען אין אַ צאָל פֿאַלן;
ראַטעווען ביזן סוף. א, קינדער ביי אַ שׂריפֿה.
אויסראָטער — דער, ־ס. וונ נב. ווער עס
ראָט אויס, פֿאַרטיליקט, ברענגט אום. „שוין
איין מאָל אַ שומר פֿון ישׂראל! אָבער היטן

היט ער אויף אַן אמת דעם א,“, הל, צוק, 1955.
אויסראָטעריש ־ אַדי. נעאָל. וואָס ראָט
אויס; וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן
אויסראָטער. „אין קאַמף קעגן א'ן שׂונא“, יג,
טמז, 5 1953 ־ I.
אויסראַטשען — אקוזוו. ־טשע אויס, ~
גערא‌ַטשעט. אוקר. אויסשטעלן (די אויגן),
אויסגלאָצן. דזוו אויסטאַראַשטשען ←.
אויסראַטשקע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־קע(ווע)
זיך אויס, זיך ~געראַטשקע(ווע)ט. אוקר.
אויסקריכן (אין אַ צאָל ערטער). א, זיך אין
אַלע שטויביקע ווינקעלעך. (וועגן קינדער וואָס
קענען נאָך ניט גיין, אויך וועגן בעלי־חיים).
אויסראַיאָנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~
ראַיאָנירט. אײַנטיילן אין ראַיאָנען (בײַ וואַלן, פֿאַר
אַדמיניסטראַטיווע צוועקן). א, די שטאָט, די
אומגעגנט. א, אַזוי, מע זאָל קריגן נאָך אַ
דעפּוטאַט פֿאַר דער רעגירונגס־פּאַרטיי.
אויסראָיען — טרוו. ראָיע אויס, ~געראָיעט.
1. אויסגראָבן. דער מוילוואָרף ראָיעט אויס
דורכגאַנגען אונטער דער ערד. 2. אויסזוכן,
אויסנישטערן. א, (אין) אַלע ווינקעלעך און
ניט געפֿינען. „...האָט אויסגעראָיעט אַלע קלייטן
און האָט אויסגעזוכט שיינע פֿאָרהאַנגען צו

די פֿענצטער", קמ, 1870, No 17.

אויסראָיען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויסוואַלגערן זיך, אויסקײַקלען זיך. א, זיך אין שמוץ, בלאָטע, שטויב אע (ווי אַ חזיר). מעטאָנימיש: האָבן צו טאָן מיט די ערגסטע מענטשן, זײַן אין זייער אַ מיאוסער געזעלשאַפֿט.

אויסראָיעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסראָיען (זיך). אויך: ~ ראָיעכץ.

אויסראָכירן — אוטוו. ־יר אויס, ~(גע)־ ראָכירט. (שאָכשפּיל) דורכפֿירן דאָס איבערשטעלן דעם מלך מיטן ראָך. „דער זקן (דער לאַפֿער) שטייט אין אַ זײַט און לאָזט ניט א'".

אויסראַכעז זיך — אוטוו. ־כע זיך אויס, זיך ~געראכעט. וואָ, פּאָד. אויסקלײַבן זיך; לאַנג געדויערן ביז מע באַווײַזט עפּעס צו טאָן. קוים־קוים זיך א, = זייער לאַנג זיך פּאָרען, זיך זוימען ערגעץ. "ביז מע וועט זיך א, מיר אַרויסשיקן די סחורה", שמ.

אויסראָלן

אויסראָלן — טרוו. ראָל אויס, ~געראָלט.

אויסוויקלעןI אויסדרייען, אויסקײַקלען. א, אַ

א ַ סר ַ פּאַק ַ יר

— אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך

נויל סחורה. א, דעם טעפּעך.

ל

ן

אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן ראָלן, וויקלען. „מע האָט צעשניטן די שטריק און דער פּאַק סחורה האָט זיך אויסגעראָלט“.

אויסראַלען — טרוו. ־לע אויס, ~געראַלעט. אוקר. אויסגלײַכן צעאַקערט פֿעלד מיט אַ ראַלע (גראַבליע מיט מעטאַלענע צײנער). אויסבראָנעווען. א, די פֿעלדער, די ערד.

אויסראָמאַנסירן — טרוו. ־סיר אויס, ~ ראָמאַנסירט. עפּעס אויפֿטאָן, דערגרייכן מיט ראָמאַנסירן. א, טרערן און האַרצווייטיק. א, אַ פּאָר פּעטש.

אויסראַמונג, ~ראָמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסראַמען. „און זאָל זײַן צו אַן אויסראָמונג. כּלומר, זײַן סוף זאָל זײַן דאָס ער זאָל שטאַרבן“ ['והיה לבער', ישעיה, ה, ה], ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבערג 1877.

אויסראַמען — טרוו. ראַם אויס, ~געראַמט. לד. פּפּ: ~רוימען. אוקר: ~ראָמען.

1. אויסרייניקן, מאַכן אַן אָרט ריין פֿון עפּעס.
,,רייניקן דאַרף מען, □רודער, א, דאָס מיסט
און די בלאָטע“, ממוס, שטורעמצײַט. ,,מיטן
מויל (מיט דער צונג) מעגסטו אַפֿילו אַ
רינשטאָק א', אָבער די הענט לאָז צו רו“ =
מעגסט זידלען, שילטן, אָבער ניט שלאָגן.
2. מבֿער זײַן; אויסרייניקן (ביז צו דער
מדרגה פֿון אויסברענען). ,,דעם אָרעמאַן איז
שווער אַרײַנצוברענגען דעם פּסח און גרינג
אויסצוראַמען דעם חמץ“, שוו. ,,דאָס אגודת
אזובֿ איז געווען דערמיט אויסראַמען דעם
רוח הטומאה“, נצ2, סג/ג [אין פּפּמ טעקסט:
,,מבֿער צו זײַן“]. ,,געקעכטס [דערין איז
דאָ פֿון פּירות שבֿיעית אָדער מעשׂר שני] זאָגן
בית שמאי: מע מוז דאָס א', און בית הלל
זאָגן: דאָס איז ווי אויסגעראַמט“, זרעים, קב/1
[אין טעקסט פֿון דער משנה:...לבער...
כמבוער]. 'ובערת הרע..., — טראָדיציאָנעל און
תּי: ,,און דו זאָלסט א, דאָס בייז“. 3.
באַזײַטיקן. ,,...צו צעברעכן און צו א, דעם כּוח
פֿון דער טומאה און סטרא־אחרא,,, תּניא, קצט.
בב 4—־.7 ← אויסרוימען. 4. אומברענגען,
אויסהרגענען. ,,האָט די רעגירונג געשיקט מע
זאָל די דרוזן א',,, אמד, איין שיינע און

ריכטיקע בעשרײַבונג פֿון ארץ־י□tראל, ווילנע 1863.

אויסראַמען זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. 1. אָפּטראָגן זיך, גלײַך אַוועקגיין. נו, ראַם זיך אויס פֿון דאַנען! 2. אויסליידיקן זיך, אָפּליידיקן זיך. „מיר האָבן זיך טועה געווען, דער שׂר של אַש קומט אַראָפּ, ער וועט פֿאַרברענען די שטאָט אין פֿײַער. לויף גיך אַז די שטאָט זאָל זיך אויסראַמען“, שבחי בעשט.

אויסראַמעניש — דאָס (די), ־ען. פּראָצעס פֿון אויסראַמען.

אויסראַמער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסראַמען. 2. גנבֿ. ← אויסרוימער.

אויסראַנגלען — טרוו. ־גל אויס, ~ געראַנגלט. עפּעס אויפֿטאָן, דערגרייכן דורך

ראַנגלעניש; אויסקעמפֿן. א אַ פּאָזיציע, אַן

,

אַמט.

אויסראַנגלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. קזוו — ראַנגלען זיך מיט אַ צאָל. זיך א, מיט אַלע באַרימטע ראַנגלערס. 2. ראַנגלען זיך און אויפֿהערן. זיך א, מיט דער ביטערער נויט און

גערהאָלפֿן ווערן.

אויסראָנדז(י)ען — טרוו. ־דז(□)ע אויס,
~גערראָנדז(י)עט. וורר. ~ראָנדזשען, אוקר.
איינשטעלן, אָנפֿירן; אויססדרן. א, אַ בעל□
הבתּישקייט. א, ווער עס גייט פֿריִער, ווער
שפּעטער.

אויסראַנדן — טרוו. ראַנד אויס, ~גערראַנדט.
מאַכן (בולטע, קאָנטיקע) ראַנדן. אויסקאַנטיקן,
אויסקאַנטעווען. א, אַ ברעט פֿאַרן טיש.

אויסראַנדעווען, ~ראָנדעווען — טרוו.
־דעווע אויס; ~געראַנדעוועט, ~גערראָנדעוועט.
1. אויסשטעלן אין אַ ריי. א, אַרעסטאַנטן, די
מענטשן אין אָגאָנעק. 2. אָנפֿירן, איינשטעלן
(אָרדענונ□). א אַ פֿולוואַרק. א אַ גאַנצע
פֿאַב, ,

ריק.

אויסראַנטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געראַנטעוועט. (סטאָליערײַ) אויסהובלען
ברעט(ער) עס זאָל אַרויסשטאַרצן האַלב־קײַלעכדיקער
ראַנד, קאַנט. (ראָדעם). א, די ברעטער.

אויסראַניען — טרוו. ־ניע אויס, ~געראַניעט.
סל. אויסוואונד(יק)ן. א, אַ האַלבע ראָטע.

אויסראַנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~געראַנירט. פֿטמ. אויסוואונד(יק)ן. צעוואונדיקן; פֿאַרשאַפֿן האַרצווייטיק. א, דאָס האַרץ. א, עמעצן מיט אַ מעסער.

אויסראָסטן — ראָסט אויס, ~געראָסט. אוטוו — ווערן פֿאַרזשאַווערט, באַדעקט מיט ראָסט. די בלעכן ראָסטן אויס. טרוו — 1. מאַכן עס זאָל ווערן פֿאַרזשאַווערט. רעגן און טוי ראָסטן אויס די בלעכן. 2. אויסציִען, צערירן די גלידער נאָכן שלאָף. א, די גלידער, א, זיך (מג).

אויסראָסלען — טרוו. ־סל אויס, ~געראָסלט. האַלטן לענגערע (גענוג) צײַט אין ראָסל (וואָס איז גרייט פֿון פֿריִער). א, אוגערקעלעך, פּאַקלאַזשאַנעס.

אויסראַפּאָרטירן, ~ראַפּאָרטעווען — אוטוו. ־טיר, ־טעווע אויס; ~ראַפּאָרטירט, ~ראַפּאָרטעוועט. אָפּגעבן אָפֿיציעלע באַריכטן (פֿון אַ נידעריקערן אין ראַנג צו אַ העכערן). א, וועגן די בײַנאַכטיקע געשעענישן.

אויסראַסינירן — טרוו. ־ניר אויס, ~ ראַפֿינירט. מאַכן ראַפֿינירט(ער). א, די טעכניק.

אויסראַפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~געראַפּלט.
אַמ. אויספּלעטן. א, אַ זייגער, אַ טאָרט.

אויסראַפֿן — טרוו. ראַף אויס, ~געראַפֿט.
מיַ, אַרכ. Mhd: rou en. אויסצופּן, אויסרײַסן פֿור גרושן לייד זיא דיא האַר אויז
ראפֿין", ספֿר משלים פֿפּדמ 1686.
—
אויסראַצ(י)עווען — טרוו. ־צ(י)עווע אויס, ~געראַצ(י)עוועט. אויסטיילן אין ראַציעס, פּאָרציעס, חלקים. א, בּרויט, וואַסער.
אויסראַצן — טרוו. ראַץ אויס, ~געראַצט.
דזוו אויסקראַצן ←, אויסקריצן ←.
אויסראָצן — טרוו. ראָץ אויס, ~געראָצט. פּר.
1. אויסשנײַצן. א, די נאָז. 2. שמוציק מאַכן

אויסרודערן

מיט ראָץ, שנײַצעכץ (עטלעכע ערטער, זאַכן).
א, די אַרבּל.

אויסראַקען — אוטוו. ־קע אויס, ~ געראַקעט. אוקר. מיטאַמאָל אַ שטאַרקן קלאַפּ טאָן. דער דונער ראַקעט אויס. מע ראַקעט אויס מיט די טירן.

אויסראָ'שטשינען — טרוו. ־נע אויס, ~ געראָשטשינעט. פֿאַרזײַערן, אויסזײַערן טייג (מיט הייוון, זויערטייג). א, עטלעכע דייזשעס ברויט. א, אין אָוונט אויסצובאַקן אינדערפֿרי.

אויסראַשן — טרוו. ראַש אויס, ~געראַשט. מאַכן מע זאָל עפּעס טאָן ראַשיק(ער); אונטעראײַלן, אונטעריאָגן. „ס'געפֿעלט מיר ניט ווען מע ראַשט מיך אויס בײַ דער אַרבעט“, רייד —

.

אדיסרבן זיך — [...ראָוון] אוטוו. רבֿ זיך אויס, ~ גערבֿט (עפּעמעריש). ווערן באמת אַ (געניטער) רבֿ. „דער רבֿ רבֿט זיך, ביז ער רבֿט זיך אויס“, רייד, ליטע.

אויסרגזנען — [...ראַ'גזענען] רגזן אויס, ~ גערגזנט. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסווײַזן רוגזא, כּעס. “למאַי רגזנט ער אויס אָן שום סיבה?“ טרוו — אויסדריקן עפּעס מיט בייזקייט, רוגזא. א, אומצופֿרידנקייט, טענות, אַן ענטפֿער.

אויסרו — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסרוען.

שוין צײַט פֿאַר אַן אמתן א'.

אויסרואיקן — טרוו. רואיק אויס, ~גערואיקט. באַרואיקן אינגאַנצן אָדער אַ צאָל; געבן פֿולקומע רו אַ לענגערע צײַט. „נאָך די איבערלעבונגען דאַרף מען אים א,“. א, די קינדע . נאָך דעם איבערשרעק.

אויסרוגזן — [...רוי'געזן] טרוו. רוגז אויס, ~גערוגזט. 1. אַרײַנברענגען עמעצן אין צושטאַנד פֿון כּעס, אויפֿרעגונג. א, די פֿרײַנד מיט העצערישע רייד. 2. אויסדריקן עפּעס מיט גרויס אויפֿרעגונג, רוגז. א, דעם ווידערווילן קעגן עמעצן.

אויסר גזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זײַן אויפֿגערעגט, אין כּעס און זיך באַרואיקן. א, זיך און ווידער ווערן גוט־פֿרײַנד.

אויסרודלען — ־דל אויס, ~גערודלט. אוטוו — מיטאַמאָל ווערן שטאַרק טומלדיק, אויפֿהייבן אַ גערודער. דער עולם רודלט אויס ווי אויף אַ יריד. טרוו — דורך אַ ליאַרעם, גערודער עפּעס אויסדריקן. א, די צופֿרידנקייט, די פֿרייד.

אויסרודלען זיך — אוטוו. ־דל זיך אויס, זיך ~גערודלט. 1. אויסטומלען זיך. 2. אויספֿאָרן זיך אויף אַ שיפֿל.

אויסרודלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסרודלען (זיך). אַן אויסטומלעניש, אַן
א'.
אויסרודעווען — טרוו. ־ווע אויס, ~
גערודעוועט. סל. 1. אויסטרייסלען, אויסשאָקלען.
2. אַרײַנבּרענגען אין אַ טומל, געל אַרעם,
י
אויפֿרעגונג. א, דעם עולם.
אויסרודעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זײַן
אין אַ צושטאַנד פֿון געטומל (גערודער,
אויפֿרעגונג) און בּיסלעכווײַז זיך בּאַרואיקן. „דער
המון רודעוועט זיך אויס און טרעט אָפּ פֿון
פּאַלאַץ“.
אויסרודערן — טרוו. ־ער אויס, ~גערודערט.
1. אויספֿאָרן אויף אַ שיפֿל מיט רודערס. א,

אויסרודערן זיך

דעם טײַך, די אָזערע, אין דער גאַנצער לענג.
2. אויסטומלען. „וואָס דאַרפֿסטו א, דײַן
מיינונג? פֿאַרוואָס קענסטו עס ניט זאָגן
געלאַסן?„, רייד. 3. אויפֿרודערן. א, אַ וועלט.
אויסרודערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אויספֿאָרן זיך אויף אַ שיפֿל מיט רודערס. א, זיך

אויף דער אָזערע. 2. אויסטומלען זיך, אויסרודלען זיך.

אויסרודסן — [...רוי'דעפֿן] טרוו. רודף אויס, ~גערודפֿט. פֿאַרפֿאָלגן, רודפֿן אַ צאָל אָדער ביזן סוף, אויף אַן עקסטרעמען אופֿן. א אַלע ,
קעגנערס פֿון דער פּאַרטיי. א, יידן פֿון גאַנצן לאַנד.

אויסרוזשן — טרוו. רוזש אויס, ~גערוזשט. נעאָל. אויסלייגן רויגן, פֿיש־אייעלעך. א, באַקן־רויט. א, זיך און אָנטאָן דאָס באַלקלייד.

אויסרויבן — טרוו. רויב אויס, ~גערויבט. 1. אויסראַבירן, אויסראַבעווען. א, אַ ייִדישע קרעטשמע. „[האָט] אויסגערויבט...מער אַלס אַ מיליאָן דוקאַטן“, אמד, דאָס קינד אין וואַלד II, ווילנע 1876. 2. אויסכאַפּן, אַרויסכאַפּן איבער גוואַלד. א, עפּעס פֿון די הענט. א, אומשולד.

אויסרויגן — טרוו. רויג אויס, ~גערויגט. נעאָל אויסלייגן רויגן, פֿיש־אייעלעך. א, עטלעכע ערטער אין טײַך.

אויסרויטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ גערויטלט. מאַכן רויט, רויטלעך. דער ווינט רויטלט אויס די באַקן. א, די מיידלעך מיט

קאָמפּלימענטן. די פֿאַרב דאַרף מען אַ ביסל
א'. ← אויסרייטלען.
אויסרויטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. (זיך פֿאַרשעמען און) רויט ווערן. „זי האָט
אַ טבֿע גלײַך זיך א,“. 2. ווערן פֿון זיך
רויט(לעך). „די בלעטער רויטלען זיך אויס
אין האַרבסט„.
אויסרויטלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסרויטלען (זיך). אַ חנעוודיק א,.
אויסרויכן — טרוו. רויך אויס, ~גערויכט.
אָנפֿילן מיט רויך (אין אַ שטאַרקער מאָט
אָדער אַ צאָל ערטער). א, אַלע חדרים, ווײַל
די רנבֿע איז צעבראָכן.
אויסרויכערונג — די, ־ען. דזוו
אויסרייכערונג ←. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויסרויכערן.
אויסרויכערן — טרוו. ־ער אויס, ~
גערויכערט. ← אויסרייכערן. 1. אויסרייכערן [
געניצט אין לד פּסעוודאָ־כּלליש]. א, אַ פּיפּקע.
„לעבן לעכ איך ווי עס מאַכט זיך —
אויסגערויכערט און פֿאַרטראַכט זיך“, סעג,
סטרונעס.
2. מיט דער געדויערדיקער ווירקונג פֿון
רויך צוגרייטן שפּײַז. א, פֿיש, הערינג, פֿלייש.

3. דורכפֿירן דעזינפֿעקציע. א, אַ שטובֿ, קליידער. א, מיט שוועבל. 4. אויסברענען בשׂמים, קרײַטעכער כּדי צו פֿאַרשפּרייטן גוטע ריחות. א, די שטובֿ מיט נעגעלעך.
5. אויסטריקענען; מאַכן עס זאָל פֿאַרשווינדן, ניט ווערן. „דער דאָזיקער רויך טריקנט אויס די הערצער, רויכערט אויס פֿון אָרט די געפֿילן און פֿאַרוואַנדלט אַלצדינג אין סחורה“, ממוס, קליאַטשע. „זעט פֿריידקע אויפֿן טיש פּאַפּירן, אַ פּראָטאָקאָל. זיבן גילדן...שוין אויסגערויכערט רייזלס שיכלעך“, מאָל,

פֿרייד353

קע. „די תּורה האָט אים געראַטעוועט — און סוף־כּל־סוף האָט ער דעם דמיון אויסגערויכערט„„ צײַט, געזאַמלטע לידער III.
6. אַרויסטרײַבן מיט רויך; סתּם פֿאַריאָגן, פֿאַרטרײַבן; ענג מאַכן כּדי מע זאָל אַוועק, ניט קומען מער. א, בינען, מוקן. א, אַ פֿוקס פֿון דער נאָרע. „ער האָט זיך אײַנגענאַדזיעט בײַ אונדז און געוואָרן אַן אײַנגייער, אָבער מיר האָבן אים אויסגערויכערט“. „די טעפּליקער

פֿערד־גנבֿים האָט ער אין איינע צוויי חדשים אויסגערויכערט", שע, 'מיטן עטאַפּ,. ,,יאַנקלען האָט אויסגערויכערט פֿון דאַנען שיינדל די גרויסע אויף אַ לענגערער צײַט,,, בּערג, בּײַס דניעפּער I. [בֿ1 ווערט רעקאָמענדירט: ~

רייכערן; בּבֿ 2——4 פּפֿ: ~רייכערן; בּבֿ ▯ 6 ווערט בּכורה אָפּגעגעבֿן צו ~רויכערן].

אויסרוימעכץ — דאָס (די), ־ן (־ע▯). פּראָצעס פֿון אויסרוימען.

אויסרוימען — טרוו. רוים אויס, ~גערוימט. פּד, אוקר. וורר. ← ~ראַמען, ~ראָמען.

1. אויסרייניקן. ,,דערנאָך זאָל ער זיך וואול רייניגן ער זאַל זיך אויש רוימן דען מישט און דען און פֿלוט", לט1, 1/6. אויך פֿיג אויפֿעסן. ,,איר וועדר אײַך זיכר פֿאַר זוימן, דז איך וועד דיא שפּײַז אויז רוימן", ספֿר משלים, פּפֿדמ, תּמ"ז. 2. מבֿער זײַן. מלל פֿאַרטײַטשט 'ובערתּ הרע, — ,,אויש רוימן,,. 3. בּאַזײַטיקן. ,,און מיט דעם ווילן וואָס וועט אויפֿגיין פֿאַר אים, דאָס ער זאָל זייערע עבֿירות א, פֿון דער וועלט דורך זייערע יסורים", ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַסש, לעמבּערג, 1877.

4. פֿרײַ מאַכן אַן אָרט (פֿאַר עמעצן אָדער צונעמען עפּעס כּדי אַוועקצולייגן אַן אַנדער

זאַך). א, די בּרעטער אַוועקצולייגן היי. ,,און,
דיא מקטרגים זעלבּערט זיינן מכריז און,
רופֿין אויש: רוימט אויש איין מקום פֿר דען
פלוני דער איז עבֿד המלך,,, נצ1, יא/א.

5. אַלץ אַרויסגנבֿענען, אויסרויבּן. ,,ער
גידוכט, דא וויל איך מיך ניט מין זוימן, ייענש
קלושטר דש וויל איך גנץ אויש רוימן,,,
בּבֿאבוך, 445. ,,און זיי האָבּן זיך אין שטאָט אַזוי
לאַנג געזוימט, בּיז זיי האָבּן אַלץ
אויסגערוימט“, מע▯ה אומן. 6. אויסליידיקן. א,
די שטובּן, מע דאַרף פֿאַרבּן.

7. אויסזוכן (און אויסגעבּן). א, די
עטלעכע מטבּעות אויף צו קויפֿן בּרויט. ,,די
מוטער האָט צוגעזיפֿצט: דער מיסטער האָט
מיר דאָ צוגעבּאָרגט דרײַ דאָלאַר...די לעצטע
פּעני אויסגערוימט“, אַר, 'דער רויבּער,.

8. אויפֿרוימען. אַרכ. מ▯t פֿאַרטײַטשט
,ואנכי פּניתי הבּית, (בּראשית כד, 31): ,,איך
האָבּ אויז גערוימט“ [תּי: אויפֿגערוימט].

אויסרוימעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסרוימען. ,,אַן א, זאָל אויף דיר קומען
מיט דעם טרעפֿניאַק“, ל. פּימסענשטיין, תּיקון
לייבּאַלע, לעמבּערג 1894.

אויסרוימער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסרוימען.
2. גנבֿ. "זי איז ניט קיין אויפֿרוימערקע, נאָר
אַן א'קע, אַ גנבֿטע", רייד.
אויסרויען (זיך) 1 — רויע (זיך) אויס, (זיך)
~געדרויעט. אוקר. דזוו אויסוואָיע(נע)ן זיך ←.

אויסרוען זיך

אויך: אויסווײנען (זיך), מיט בּיטול וועגן
מענטשן. אויך: ~רויען זיך.
אויסרויען (זיך) 11 ← דפֿוו. דזוו
אויסראָיען (זיך).
אויסרוישן — רויש אויס, ~גערוישט. אוטוו
— מיטאַמאָל אָנהייבן רוישן. די בּיימער רוישן
אויס אין ווינט. טרוו — דורו רוישן עפּעס
אויסדריקן. א, צופֿרידנקייט, צושטימונג,
אויפֿרעגונג אאַ. „אַ טרוקענער, גרויער סקעלעט
פֿון אַ בּוים...שוין אויסגערוישט האָט ער
זײַן קרעכץ פֿון פֿאַרצווייפֿלונג", יהואָש, 'דער
הערבּסט־בּוים„.
אויסרוישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. רוישן
און אויפֿהערן. „דער וואַלד האָט זיך
אויסגערוישט, איצט שטייט ער פֿאַרגליווערט„.
אויסרומלען — טרוו. ־מל אויס, ~גערומלט.

אויסמישן גוטע סחורה מיט שלעכטער, טײַערע מיט וואָלוועלער. א, צעלניק. א, בּריליאַנטן מיט גלעזלעך.
אדיסרומפּלען — אוטוו & טרוו. ־פּל אויס, ~גערומפּלט. 1. דזוו אויסרימפּלען ←. 2. אויסטומלען. א, ווי אויף אַן אמתער חתונה.
אויסרונד(יק)ן — טרוו. רונד(יק) אויס, ~גערונד(יק)ט. אויסטאָקן עס זאָל זײַן קײַלעכדיק. מאַכן קײַלעכדיק. א, די העלצער. [פֿאָרעם מיט ־יק איז גלײַכער].
אויסרונד(יק)ן זיך — אוטוו. ← דפּוו. ווערן קײַלעכדיק(ער), רונד(ער). די בּעקלעך זײַנע רונדיקן זיך אויס. „די בּאָקעס האָבּן זיך אויסגעפּילט און די גאָר קליינע בּריסטן האָבּן זיך, ווי איבּערנאַכט, אויסגערונדיקט, פֿולער געוואָרן„, אָפּאַ, ,אין דער נאַכט פֿון ניטל'. „,אַ זיסע וואַרעמקייט האָט אין זײַן אינגעווייד זיך אויסגערונדט„, נ. גראָס.
אויסרונצלען —, טרוו. ־צל אויס, ~גערונצלט. [אין לד נבּ]. מאַכן קנייטשן. זאָרג רונצלט אויס דעם שטערן. מיט ז י ך , אוטוו. „דער שטערן רונצלט זיך אים אויס“.
אויסרוסן — טרוו. רוס אויס, ~גערוסט.

פֿאַרשמירן מיט סאַזשע, רוס. אויססאַזשען. א,
זיך דאָס פּנים און די הענט.
אויסרועז — אַקוזוו. רו אויס, ~גערוט.
פֿאַרשאַפֿן פֿולקומע רו; געבן מעגלעכקייט צו
האָבן געַנוג רו. *א, די ביינער = ווי
געהעריק זיך אָפּרוען, אויך: זיך צולייגן, זיך
אויסשלאָפֿן. *א, די פֿיס = זיך אַוועקזעצן, ניט גיין
מער. *א, דאָס נפֿש, די נשמה = זיך
באַפֿרײַען פֿון זאָרג, האַרצווייטיק. „צוריק...צו
דײַנע פֿאַרחושכטע פֿאַראומערטע ייִדעלעך...

, ..

דאָרט וועסטו א, דײַן פֿאַרמאַטערטע נשמה“,
ממוס, שטורעמצײַט. „שוין צײַט
אַוועקצוּוואַרפֿן די אַרבעט, לאָזן א, די אַלטע ביינער“,
יר I.
אויסרוען זיך — ← דפּוו. 1. רוען אַ
לענגערע צײַט, ביז מע קומט צוריק צו די
כּוחות. “איך בין געפֿאָרן טאָג און נאַכט,
אַצינד בין איך זייער מיד און העט מיך
גערן ערגעץ גאָר אויסגערוט“, עט,
סערקעלע. „און אויבן, אין אַ סאַליע אַ שיינער,
שפּילט די שענסטע, בעסטע מוזיק. דאָרט רוען
זיך אויס די ביינער די וואָס זוכן ניט אונטן
דאָס גליק“, אבג, ,דער יוד אין קיִעב, [הש I].

„דאָרט אין...בּעטל שלאָפֿט זיך אַזוי גוט, אוי ווי וואָלטן זײַנע בּיינער אויך זיך אויסגערוט“, אר, 'דער נאַכטוועכטער'. 2. איר. מאַכן אַן אָנשטעל אַז מען איז קראַנק (אין סאַנאַטאָריעס פֿאַר שווינדזיכטיקע). „געקומען אויף דאַטשע, זיך א, אַ בּיסל, אויסהיילן די הינעראויגן“, שמ, דור המדבּר.

אויסרועניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסרוען (זיך).

אויסרופּענען — אוטוו, אומפּ. עס רופּעט אויס, עס האָט ~גערופּעט. לר. אָנהייבּן צו רופּענען, זאָרגן זיך, פֿילן אומרואיקייט. „עס האָט מיר [= מיך] אויסגערופּעט, ווען איו האָבּ זיך דערוואוסט...“.

אויסרוף; — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסרופֿן. אויסגעשריי. אַ הילכיקער א,. „איך זאָג ניט אָפּ דאָס וואָרט 'איך זינג, — כ'בּין ניט קיין זינגער, נאָר הײַנט זאָג איך עס מיט אַן א'־ טראָפּ“, הל, אַ בּלאַט אויף אַן עפּלבּוים. 2. מעלדונג, ווענדונג מיט טיף געפֿיל. „דער א, גלײַך אין ערשטן קאַפּיטל ישעיה: 'הוי

גוי חוטא, עם כבֿד עון, זרע מרעים, — איז געוועזן אַ גוזמאדיקער געשריי“, יג, תּוך.
3. ליציטאַציע. אַרכ. „זייני קרעדיטארין... האבּין כל אַשר לו אויף גישריבּן און, אים זעלבּי תּוך ידו גילאזין דאש ער זאַל איין אויז רויף —אכין“, גה, 1 31.
מ
אויסרוסוואָרט — דאָס, ~ווערטער.
אינטעריעקציע פֿאַראַן אַ ריי ווערטלעך, וואָס
„.
מיר באַנוצן זיי בײַם אויסדריקן אונדזערע געפֿילן (צער, ווייטיק, פֿאַרוואונדערונג, יאוש אאַזוו) דורך אויסרופֿן. זיי הייסן אויסרופֿווערטער. געוויינטלעך געהערן זיי ניט צו די זאַצגלידער און ווערן אָפּגעטיילט פֿון זיי מיט אַ קאָמע אָדער מיט אַן אויסרופֿצייכן„, ימ, שול־גראַמאַטיק אין בײַשפּילן און אויפֿגאַבּעס, קאָוונע, 1921.

-

אויסרוסונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסרופֿן. מלל פֿאַרטײַטשט אין בּיידע שטעלן דאָס וואָרט ,תּשואות, (ישעיה כבּ, 2 און זכריה, ד, 7): „אויש רופֿונג„ [תּי: טומל, געשרייען].

אויסרוסזאַץ — דער, ־ן. זאַץ אַרויסגערעדט מיט אויסרוף — אינטאָנאַציע. "אויב דער זאַץ דריקט אויס פֿאַרוואונדערונג, אויפֿרעגונג, ווערט בכלל אַרויסגערעדט מיט אַ העכערער שטים איידער בײַם געוויינלעך רעדן איז עס אַן א"", מ. ווײַנגער, יודישעך סינטאַקסיס, .1913

אויסרוסן — טרוו. רוף אויס, ~גערופֿן.

1. אַרויסזאָגן הויך אויף אַ קול; אויסשרײַען. „צושן דעם גרויסן גערויש אין דיא בראָמן רופֿט זיא אויס", מס, משלי תּקע"ך, א, 21 [תּי: „רעדט זי אירע רייד"]. „ר, מענדעלע! — האָט פּלוצלינג אויסגערופֿן איינער אַ ייִד...", ממוס, שטורעמצײַט.

2. מעלדן אין אַ צאָל ערטער דורך געשרייען פֿון אַ בּאַזונדערן מענטשן (העראָלד, שליח, אָנזאָגער), בּאַגלייט אויך מיט אויספּויקן אָדער אויסטרומייטערן. „די עצה [= שטאָטראָט] האָט...מיט איין טרימיל שלאַק לאזין אויז רופֿין“, גה, 237. „דא האָט ער גלאָזט אויז רופֿין די בּורגר זאלין זעלבּסט איר שטאָט מויאר אין רײַסן“, 'איין נייא קלאָג

354

ליד פֿון חורבּן ק“ק ווארמיישא', 1723 [פֿש III]. „ווען מן איינם האָט אויש גיפֿירט צו הרגן, דא האָט מן אויש גירופֿן: דער גיט אויש צו הרגן פֿון וועגן דש ער זיין קינט האָט גיודשט“, לט1/1' 133. „און דערנאָך האָט דער רשע גאָנטע געהייסן א'...אַז מע זאָל זיך איבּער קיין יהודי ניט דערבּאַרעמען“, מע t ה אומן. „דער מלך...האָט געהייסן א, אין אַלע מדינות, אַז וואו עס געפֿינט זיך ערגעץ אַן אַנטלאָפֿענער...“, נחבּ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'.

3. לאָזן וויסן דעם עולם, מכריז זײַן. „צו מורגש ליש בּבֿא אויז רופֿן...אונ, ורעמד אונ,

היימש ליש ער ווישן“, בבֿא־בוך, 612. „און,
זאָל עז ג"כ אויש רופֿן ביום הכניסה בכל
בתּי כּנסיות“, תקק. „אזו האב איך מוט גיהאט
מל צו זיין אין דער אַלט נייא שול דען זכור
דרינן לאָזן אויז רופֿן“, פּראָגב, 41. „לאָזן
זיי א, אין די שולן אַז זיי האָבן געפֿונען אַ
קלייד, און ווער עס וועט זאָגן הסימן, וועט
מען אים אָפּגעבן די קלייד“, שה, א/ב. ￼tב,
טו/ב: „הכרזה — אויש רופֿן„.
4. מעלדן אַ באַשלוס פֿון דער מאַכט;
פּראָקלאַמירן. „און, ווערט ארבעים יום קודם
[יצירת] הולד בשמים אויז גירופֿין: דער פלוני
זאַל נעמין בת פלוני“, גה, 145. „אין דער
צײַט אַז דער כּרוז רופֿט עס אויס,
דערוועקט זיך אַ פֿלאַם פֿון צפֿון־זײַט און שלאָגט
אין אַלע פֿיר זײַטן פֿון דער וועלט“, נצ2,
כח/א. „עס האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע וואָס
האָבן געוואָלט דאָ בײַם קבֿר א, זײַן זון פֿאַר
זײַן שטעלפֿאַרטרעטער“, אַש, תּהילים־ייִד.
5. אָנזאָגן אויפֿטריט, אַרײַנקום, פּונקט פֿון
פּראָגראַם, טייל פֿון צערעמאָניע. א, די
פּורימשפּילערס, די זינגערס וואָס טרעטן אויף. א,
(צו) באַדעקנס. „די שטוב איז אָנגעשטאָפּט מיט
מענטשן. מע רופֿט שוין אויס דעם חתן

בּענטשן“, עט, לידער.

□

אויסרוסן זיך — ← דפוו. פֿרײַוויליק אָנגעבּן זיך עפּעס צו טאָן; וואָלונטירן. זיך א, צו שטיין אויף דער וואַך, זיך דורכצורײַסן דורך דעם שׂונא. „מײַן עלטערער בּרודער האָט זיך אויסגערופֿן צו גיין“, אר, 'דעם זיידנס לאַמטערן'.—

אויסרוסנס — דאָס. מצ נבֿ. דאָס אויסרופֿן.
ספּעצ: דאָס אויסרופֿן (פֿון דעם בּדחן) ווער און וואָסערע דרשה־געשאַנק מע גיט.
דרשהגעשאַ□־א', קמ, 43 1868' No.

אויסרוסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסרופֿן. אַ כּסדרדיק א':

□

האַנדל, האַנדל! אויך: —פּעכ□ן.

□

אויסרוסער — דער, ־ס. וונ (זן) ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסרופֿן (ווי מיט אַ פּראָפֿעסיע). העראָלד, אויסשרײַער, אָפֿיציעלער אָנזאָגער. אויך: ווער עס רופֿט אויס די נעמען פֿון געסט, אויך בּײַ חסידישע רבּיים.

„גיבֿ א שטול דעם גאַסט, האָט [דער בעלזער
רבי] געזאַגט צו דעם א'“, ז. זילבערצווײַג,
טאָג, 17 XII 1960. "האָט געהייסן דעם א,
דאָס ער זאָל אַזוי אויסרופֿן“, אמד, דבֿרי
חכמים, ווילנע 1864.

אויסדופֿצייכן — דער, ־ס. אָפּשטעלצייכן!
וואָס קומט נאָך אַן אויסרופֿוואָרט,

אויסרופֿאויסריטלען

זאַץ. "אויבֿ די ווענדונג ווערס אויסגערעדט
מיט אַ באַזונדערער קראַפֿט, ווערט נאָך דער
ווענדונג געשטעלט אַן א'“, מ. ווײַנגער,
יודישער סינטאַקסיס, 1913.

אויסרוקן — טרוו. רוק אויס, ~גערוקט.
רוקן (אָדער פֿאַררוקן) אַ צאָל מאָל אין איין
אָרט אָדער אין אַ צאָל ערטער. א, שמאַטעס
אין אַלע ווינקעלעך; א, אַלע ווינקעלעך מיט
שמאַטעס. „וויפֿל טשאָלנטן מע האָט שוין
אויסגערוקט אין אָט דעם אויוון!..“

אויסרוקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּר.
אַרויסרוקן זיך, אָפּטראָגן זיך; אַוועקגיין כּדי
אויסצומײַדן אומאָנגענעמס. „ווי נאָר די שיכּורים

האָבן גענומען זיך שלאָגן, האָבן מיר זיך
אויסגערוקט“. *זיך אויסרוקן שמונה־עשׂרה
= אָפּדאַווענען און שטעלן דרײַ טריט אויף
צוריק.
אויסריגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געריגלט.
1 פֿאַרמאַכן, פֿאַרשליסן מיט ריגל(ען). א,
.
אַלע אַרײַנגענג. 2. צופֿעסטיקן אַ ריגל. א,
דעם טויער מיט אַן אײַזערנעם ריגל.
אויסריגעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
געריגעוועט. 1. (שנײַדערײַ) אויסנייען אינאיינעם
דעם שטאָף מיט לײַוונט (בײַם מאַכן קאָלנערס,
קליאַפּעס) מיט געדיכטע שטעך אין פֿאָרעם
פֿון . א אַ קל אַפּע, דעם קאָלנער. 2. (
שנײַ, י
דערײַ) לייגן פֿאַ(ר)סטריגעס און זיי לאָזן,
ניט אַרויסציִען, בײַם ענדגילטיקן צונויפֿנייען.
א אַ באָרט(ן). 3. בײַם באַקן בייגל זיי
,
אַרויפֿטאָן אויף אַ לאַנגן שטעקן און
אַרײַנלייגן אין הייס וואַסער. א, בייגל.
אויסרידלעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~
גערידלעוועט. אוקר. מיט אַ רידל אַראָפּנעמען,
אַראָפּקראַצן די בלאָטע פֿון אַן ערדענעם פּאָל,

דיל. „איך האָב מיך געקענט אײַנניאָרען אין
דער בלאָטע וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אויף
דער בריק, וואָס מע פֿלעגט א, פֿון איין פסח
צום אַנדערן“, קמ, 16 1867, No. „עטלעכע
טעג פֿאַר פסח האָט מען גוט אויסגערידלעוועט
און אָפּגעוואַשן די פּאָדלאָגע (פּאָל)“, ייִפֿאָל,
11 1885, No. ← דוווו.

אויסרידלען — טרוו. ־דל אויס, ~גערידלט.
דזוו ~רעדלען ←. אויסגראָבן, דורכגראָבן
מיט אַ רידל. „די ערד פֿון דער בייט איז צו
האַרט, מע דאַרף א, די בייט“.

אויסריזיקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)
ריזיקירט. 1. דערגרייכן עפּעס דורך ריזיקירן.
א אַ גרויס געווינס. 2. ריזיקירן מיט אַ
,
גרויסער סומע, מיט אַלץ. א, אַלץ וואָס מע
האָט געוואונען און פֿאַרלירן אין לעצטן קאָן.

אויסריזלען — אוטוו. ־זל אויס, ~געריזלט.
אויסקוואַלן, אויספֿליסן אין פֿאָרעם פֿון אַ
קליינעם שטראָם. “דאָס טײַכעלע ריזלט אויס
צווישן צוויי פֿעלדזן“.

אויסריזען — [האַרטע, קורצע י] טרוו. ־זע
אויס, ~געריזעט. אוקר. דזוו ~גריז(י)ען,
~גריזשען. ל2.

אויסריטלען — טרוו. ־טל אויס, ~גערײטלט.
1. אויסטײלן אין ריטלעך. 2. אויסטײלן אין קלײנע חלקים. א, אַ ירושה צווישן אַ גאַנצער כאָפּטע יורשים. 3. אויסשמײַסן מיט אַ ריטל. „וואָס איז די יללה? מע האָט נאָר אַ בּיסל אויסגעפּיצקעט, נאָר אויסגעריטלט„, רייד.

אויסריטעמען

אויסריטעמען — טרוו. ־טעם אויס, ~ גערײטעמט. נעאָל. אויף אַ ריטמישן אופֿן, דורך אַ ריטעם עפּעס אויסדריקן, אַרויסבּרענגען. „אין זײַן ליד...ריטעמט ער אויס דעם קאָלעקטיוון טאַנץ פֿון דעם אַפֿריקער“, זלמן לעװי, דרוס־אַפֿריקע, X, 1957. א, אַן אילוזיע, מרדכי יפֿה.
אויסריטשען — ־טשע אויס, ~גערײטשעט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן רעווען, בּרומען ווי אַ חיה, אויף אַ בּייזן אופֿן. א, ווי אַ הונ.. געריקע חיה. טרוו — דורך ריטשען ווי אַ חיה עפּעס אויסדריקן, איבּערגעבּן. א, דעם שרעק. „עס שײַנט אַן אָפּגעריבּענע סעקאָנדעווועניו־זון...און פֿאָנאָגראַפֿן ריטשען אויס די נײַסטע לידער פֿון ייִדישן טעאַטער“, נאָד, טעג

פֿון מײַן לעבן.

אויסרײַבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסרײַבן. א, מיט קאַנפֿער.

אויסרײַבן — טרוו רײַב אויס, ~געריבן.
1. דריקן, קוועטשן, רײַבן די אייבערפֿלאַך פֿון עפּעס, ביז עס פֿאַרלירט פֿרישקייט, גאַנצקייט. א, די שבתדיקע קאַפּאָטע. א, אַ לאָך אין קני. *א, אַ לאָד אין פּיאַטע = זייער לאַנג גיין נאָך אַ חובֿ (ווילנע). „די גאָטספֿאָרכטיקע... פּויזען פֿון טרעפּ צו טרעפּ, אויסרײַבנדיק די קליידער אויף די קני ביז צום לײַב“, פּה, פֿון ווײַטע לענדער. „אַלע גייען שפּאַצירן לאַנגזאַם, ווי מע וואָלט נישט געוואָלט א, די ערד“, נאַד. „אַז מע רײַבט זיך אָן אַ נגיד, רײַבט מען זיד אויס אַ לאָך“, שוו. 2. אויסוואַשן; אויסרייניקן, אויסשײַערן. א, די ברודיקע הויזן. א, אַ טעפּל. „די ווײַסע הענטשיך שמעקן מיט גאַזאָלין, מיט וועלכע מע האָט זיי ערשט אויסגעריבן“, נאַד. *א, מאַזאָליעס = אַזוי לאַנג רײַבן ביז עס ווערן מאַזאָליעס אויף די הענט. „(ער) האָט מיט די אויגן שוין מאַזאָליעס אויסגעריבן אין די פֿענצטער און אויף יעדן שויב“, הר פֿאַרנאַכט.

,

3. אויסשמירן, אויסאיילן און רײַבן. א,
מיט ספּיריטוס דאָס קראַנקע לײַב. א, מיט
לעמאָן־אייל דאָס מעבל. „...גוט א, זיך אויף
דער נאַכט און שוויצן“, ממוס פּישקע.
,
4. אויסמעקן, אויסקראַצן, אויסשטרײַכן. א,
וואָרט פֿון דאָקומענט. 5. אַריבערגיין מיט די
פֿינגער איבער די אויגן־לעפלעך: א, (זיך) די
אויגן. „אַז רייזעלע שטייט אויף אינדערפֿרי,
רײַבט זי אויס די פֿאַרשלאָפֿענע אייגעלעך“, אַר,
'רייזעלע..
6. אויסמענטשלען; אויספּאַסן מיט אַנדערע.
„אַ רבים רײַבט אויס אָדער צערײַבט“ שוו.
7. אַרײַנרײַבן, אויפֿעסן ביזן דנאָ. א, דעם
צימעס. *א, דעם תּהילים = גיך דורכזאָגן
דעם גאַנצן תּהילים. „פֿײַטל פֿלעגט א, דעם
תּהילים מדאָסקע לדאָסקע“, קמ, 6 1870, No.
אויסרײַבן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. ווערן
אויסגעריבן, אָפּגעניצט פֿון צו פֿיל טראָגן.
„אַלע אירע יאָרן האָט [די קאַפּאָטע] אים
געטרײַ געדינט פֿון שבת צו שבת געווען
באַ,
העפֿט צו אים, צו זײַן לײַב, ביז זי האָט
זיך אַליין אויסגעריבן אויף אַ שמאַטע„, ממוס,

שטורעמ ײט.
2. זיך אַנטוויקלען, זיך אויסמענטשלען; זיך אויספּאַסן מיט אַנדערע. „...צווייטנס, וועט ער

זיך אַ ביסל א', אַנטוויקלען„, שע,
יוגנטראָמאַנען. „אַז מע רײַבט זיך — רײַבט מען זיך אויס“, פֿוול = א) אַז מען איז צווישן מענטשן — ווערט מען אַ מענטש; ב) איר אַז מע דרייט זיך אַרום צו פֿיל צווישן מענטשן ווערט מען אַ גאָרנישט. „אַז מע רײַבט זיך אויס, ווערט מען אַ שמאַטע (טראַנטע, לופּעטע)„, פֿוול [ווש מיט אויסרײַבן ב1]. „לאָז מיך צו רו מיט דײַנע ישיבֿות, גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים...גענוג געריבן זיך... רײַבן זיך ווײַטער דאָרט, ביז איך וועל זיד א, און ווערן אַ שמאַטע פֿע!„, מטוס,
----

קליאַטשע.
אויסרײַבעכץ — דאָס (די), ־ן. 1.
אויסרייבונג, אויסרײַבעניש (אויך מיט אַ בײַטעם פֿון ביטול). 2. מיטל אויסצורײַבן. קאַנפֿער

איז אַ גוט א', ווען עס בּרעכן די בּיינער.
אויסרײַבּעניש — דאָס (די), ־ן.
גערוייערדיקער פּראָצעס פֿון אויסרײַבּן (זיך).
אויסרייד — דער, ־ן. 1. אויסטײַטש, אַרײַנטײַטש; אויפֿקלערונג פֿון אַ שווערן ענין, האַרבּער סוגיא. אַ לאַנגער, קלאָרער, געדריידלטער א'. *פֿרעגן מיט אַן א, = בײַם פֿאָרמולירן די קשיא אַרײַנפֿלעכטן אַ פּשטל אָדער פֿאַרלויפֿן דעם וועג מיטן אָפּווענדן דעם תּירוץ וואָס ליגט אויבּנאויף. זאָגן אַן א'; זיך פֿאַרהאַקן בײַם א'. „מאָטל האָט פֿאַרן פֿאָטער אָפּגעזאָגט די ערשטע פּרשה חומש מיט אַלע א'ן פֿון רשי און פֿון מדרש“, יד, אבן נגף.
← אויסריידעניש.
2. פֿאַרענטפֿערונג; כּלומרשטער מאָטיוו. „לאַנג לעבּן זאָל דער א'!“ פֿול, איר. „גאָט,
,
לאָז מיר מײַן א, געזונט!“ = גוטמוטיקער ענטפֿער אויף אַ מאָטיוו וואָס מע נעמט ניט אָן אינגאַנצן. „איטלעכער גנבֿ האָט זיך זײַן א'“, שוו. “דער מלאך־המות בּאַדאַרף ניט קיין א'“, שוו. “...ווּעסטו שוין נישט קאָנען אים בּאַצאָלן...און עס וועט דיר זײַן ענג, דו זאָלסט זיך מציל זײַן מיט אַן א'“, חה,

202/ב. „אַרומיקע מיידלעך האָבן זיך אַן א, געמאַכט, זיי זײַנען געקומען עפּעס לײַען...
און האָבן געגנבֿעט אַ קוק אויף משהלען,„

יד, אבן נג▯ I.
3. תּירוץ אויף ניט צו טאָן עפּעס. „אודר וויא זאַל איך צדקה געבּן איך האבּ מיט מיר זעלבּרט צו טון, אודר איך מוז מייני קינדר דר נערין — אויף אלי מצוות קאָן ער וואול איין אויז־ריד מאכין“, לט1, 2/19. „אַ פֿוילער ווערט געבּוירן מיט אַן א'“, שוו.
4. צוטשעפּעניש; פֿאַלשע סיבּה. „דער מלאך־המות דאַרף אויך האָבּן אַן א',„ שוו. „אַז מע וויל שלאָגן ייִדן, געפֿינט מען שוין אַן א'“, שוו. „דורך דער טאַקסע געפֿינט מען זיך בּײַ אונדז תּמיד אַן א, ווי צו בּאַרײַסן דעם עולם“, ממוס, קליינמענטשעלע. „דו... מאַכסט דיר א'לעך דײַן בּרודער אומזיסט אַ שׂנאה נאָכצוטראָגן“, אַלטער־לעבּ, ראָבּינזאָהן I, וואַרשע 1880.
5. אָנשטעל, פֿיקציע. „...„גמילות־חסר קבּצנים: אַזעלכע וואָס נעמען זייער גאַנץ לעבּן נדבֿות אונטער אַן א', אַ גמילות־חסד קלאָמפּערשט“, ממוס, פֿישקע. „מאָלט אײַך אַ קראָם בּײַ מיר, אויף אַלע ייִדישע שׂונאים!

אויסריידן

ס'איז נאָר אַן א', נישט קיין קראָם“, שע, 'מילכיקס'.

6. אויפֿוואַרפֿונג פֿירהאַלטונג, מוסר. „דעם
,
רבינס א, איז ערגער ווי דעם רבינס פּאַטש“.
שוו. „צוליב כיבוד־אָבֿ בייגט ער דעם קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד ווי אַ קליין אָפּגעשמיסן ייִנגל און נעמט פֿאַר ליב דעם פֿאָטערס א'“, אַש, תּהילים־ייִד.

7. תּנאַי, באַדינג. געדענק אונדזער א.. אַזאַ א, גילט ניט, ווײַל ער איז קעגן געזעץ.

8. סתּם שמועס. „ער וויל בעסער אַליין זיך דורכגיין אַהין און מאַכן מיט זיי אַן א, ווי אַ ווילד־פֿרעמדער„, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

9. אַרויסרייד. „דער אויסשפּראַך און דער א, פֿון די 22 אותיות אין יעדער שפּראַך...“, תּניא, 524.

אויסריידל — דאָס, ־עך — פֿקפֿ פֿון אויסרייד. אויסרייד ב1, אויסריידעניש ב3. „די מוטערס קוועלן גאָר אָן [פֿון מלמ□]. אַלע זײַנע קינדער קענען מיט אַלע א'עך דעם ערשטן

פסוק שיר־השירים,,, ייִפּאָל, 1884' No 10.
אויסריידן — טרוו. רייד (רעדסט, רעדט) אויס,
~גערעדט. פפֿ: אויסרעדן.
1. אַרויסברענגען מיט די רייד־אָרגאַנען קלאַנג(ען), ווערטער. ,,און צווייטנס האָב איך ניט געקאָנט א, קיין קוף און קיין כף", שע, די פּאָן'. ,,דער גאָרגל איז הויל כדי דאָס קול זאָל קאָנען אַרויסגיין פֿון אים, און די צונג און די לעפּצן און די ציין זענען אויסצוריידן די אותיות און די נקודות אָדער די ניגוגים", חה, 136. ,,די ענדערונג פֿון דער באַוועגונג וואָס אין די ליפּן...איז אין דעם ווילן אויסצוריידן דעם אות", תּניא, 219. ,,אונ, אי [= איידער] ער דש וואַרט הט אויז גיריט, דא וואַר ער שון גנץ ור שיידן", בבאבוך, 603.
2. אַרויסזאָגן, אַרויסריידן. *א אַ וואָרט

,

מיט עמעצן = אויך: זיך דורכשמועסן. ,,...איז גלאַט גוט אַז מע האָט אין דער פֿרעמד אַ היימישן מענטשן, מיט וועמען אויסצוריידן אַ וואָרט", ממוס, שטורעמצײַט. *ניט לאָזן א, אַ וואָרט = אויך: ניט לאָזן אויסדריקן אַ מיינונג, האָבן אַ דעה. ,,זיי לאָזן

מיך אָבער ניט א, אַ וואָרט, סע זאָל זיך ביַי
מיר ניט אַרויסכאַפּן עפּעס אַזוינס וואָס סע
וועט זיי ניט זײַן צום האַרצן", ממוס, ,צוריק
אַהיים,. אַ ווערטעלע אויסצוריידן = ס'איז

זייער אַ וויכטיקע זאַך, ס'איז שווער צו
פֿאָרמולירן ווי וויכטיק דאָס איז. *וואָס אַ מויל קען א,
= אַלץ אין דער וועלט. ,,הכלל, וואָס אַ מויל
קען א, געפֿינסטו אין דעם אַדעס", שע,
מנחםמענדל. *ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן (ווערן)!
= מע דאַרף ניט (טאָר ניט) אַרויסברענגען
פֿון מויל עפּעס שלעכטס, אַן אומגליק.
3. אויסדריקן אין ווערטער (געפֿיל,
איבערלעבונג). ,,אַ מורא קען מען ניט א'", שוו.
,,אלו זאַכן מאטירן זיך נאַר עס קען קיין
מענטש גאָר נישט אַלץ אויס ריידן,,, מס,
קהלת תּקע"ט, א, 8. ,,וואָס איך קען פֿאַר אַ
מענטשן ניט א, זאָג איך פֿאַר דיר...וואָרעם
דו ביסט...אַ דערבאַרעמיקער גאָט", איין נײַע
שס תּחינה, פּיעטריקאָוו, 1881. *א, (זיו)
דאָס האַרץ פֿאַר עמעצן = ← אויסריידן זיך

אויסריידן

בּ2. ,,און פֿאַר דעם דריטן האָס ער
אויסגערעדט גאָר זײַן האַרץ, בּאשר ער האָט געהאַט אַ
כּתבֿ...“, נחבֿ, 'מעשׂה מבּערגער והעני,. *א,
די (גרינע) גאַל אויף עמעצן = אויסדריקן
פֿאַרבּיטערונג קעגן עמעצן; מאַכן בּיטערע
פֿאָרוואורפֿן. ,,פּאָליאַקן אָדער טייל פֿון
אונדזערע געטויפֿטע...רעדן אויף אונדז אויס די גאַל“,
קמ, 40 1866, No. ,,די הײַנטיקע יונגע
מחבּרימלעך קאָנען נאָר...א, די גרינע גאַל על ד,
ועל משיחו,,, קמ, 10 1868, No. *זיך א, די
גאַל = זייער אַ סך ריידן, טענהן מיט האַרץ
און ניט קענען פּועלן. ,,אַזאַ עקשן! איך רייד
זיך אויס די גאַל, און ער טוט דאָס זײַניקע“.
,,וויפֿל האָבּן זיך אומזיסט אונדזערע מענטשן
אויסגערעדט די גאַל“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
4. טרייסטן. ,,אויבֿ מיר נון שונט גרין
משה ושארי האבּין וואָלין אויז רידן, האבּ איך
מיך דאַך ניט קענין צו פֿרידן געבּין“, גה, 109.
,,טוא דיין זאָרג אנדרי לייט דער צילן, ווערן
זייא דיר זיא אויש רידן בּייא וויילן“, עיון,
1/231. *א, עמעצן דאָס האַרץ = טרייסטן
[אין אַלע דיאַלעקטן חוץ לד]. ,,האָמיר טאַקי
אַליין מיט מיר אַמאָהל דאָס האַרץ אזו אויס
גרעט“, מט, קהלת תּקע“ט, א, 16. ,,די

ווײַבער...רעדן איר אויס דאָס האַרץ, איטלעכע מיט אירע טרייסטווערטער“, ממוס, ווינטשפֿ.
,,האָט זי זיך אַ שטומע געזעצט שבֿעה. די גאַנצע שטאָט איז געקומען איר מנחם אָבֿל
זײַן, איר א', זי טרייסטן,,, באַש, פֿאָר, 25 □ III
.19□1

5. אויסמוסרן, פֿאָרוואַרפֿן, שטראָפֿן מיט רייד. א, עמעצן אַן עוולה. ,,אלזו האבּ איך עש אים אויז גירעט זוא גוט אלש איך גיקענט האבּ“, גה, 113. ,,אַז מע רעדט אויס אַן עיקהרע שאַט ניט“, שוו. ,,ווער האָט איר געזאָלט א, און ווער האָט געקאָנט א'? בײַ איר האָט קיינער קיין דעה ניט געהאַט,,, עט, 'דער פֿעטער פֿון אַמעריקע'. ,,ברײַנע האָט אים אויסגערעדט דעם עגמת־נפֿש און אים אָנגעהויבּן בּעסער צו קעכלען,,, פּרץ, 'מענדל בּרײַנעס'.

6. זאָגן עפּעס קעגן, זיך בּאַקלאָגן; אויסדערציילן רכילות, אויסטראַכטן בּלבּול(ים).
*א, וואָס אין דער קאָרט = א) אויסטײַטשן דעם זינען פֿון דעם וואָס עס ווײַזן די קאָרטן בײַם אויסוואַרפֿן זיי; בּ) אויסריידן און פֿירוואַרפֿן אַלע מעגלעכע שלעכטע זאַכן, עוולות, פֿאַרבּרעכנס. איך ווייס ניט וואָס ער האָט אויף

מיר אויסגערעדט = וועלכע טענות ער האָט
אַרויסגעשטעלט קעגן מיר, אָדער בלבולים
וואָס ער האָט אויסגעטראַכט אויף מיר. „אין
אַלע שטעט רעדט איין מלמד אויף דעם
אַנדערן אויס אָסור לדבר, דערנאָך ווערט ווידער
אַ שלום„, קמ, 23 1864, No. „אויסגערעדט א
וואָס נאָר אין קאָרט, אויף גאָט, משיח און
ננתקה“, ר, מרדכילע, משלים. „זי טראָגט אַ
שווער האַרץ אויף איר [מאַן]...אָבער א,
אויף אים, אויף זײַן חסידות, אויף זײַן רבין...
דאָס האָט זי ניט צוגעלאָזן„, אַש, תּהילים־ייִד.
7. איבעררײדן, אָפּריידן; דערווײַזן דאָס
פֿאַרקערטע. „אַ נאַר לאָזט ניט א אַ וואָרט
,
און אַן עקשן לאָזט ניט אויסרײַסן אַ האָר“, שוו.
“אַז זי האָט זיך איין מאָל אײַנגערעדט...און אַז

עס זאָל קומען דער נשׂיא פֿון בבֿל, וועט ער
איר דאָס אויך שוין נישט קענען א'“, עט,
סערקעלע.
8. באַשטימען אַ תּנאַי, באַדינג;
ספּעציפֿיצירן ב אַן אָפּמאַך. א, אויף פֿריִער אַלע

י

פּרטים. „ער זאָל זײַנע זאַכן מיט איר פֿריִער אויסריידן, כּדי זי זאָל אויך איר דעה און כּוונה האָבן דערויף„, לט2, 2/85. „דער בעלהבית האָט אויסגערעדט מיט דעם פּועל וואָס די אַרבעט זײַנע זאָל זײַן“, ⸗tה, 7/ב..א, ברחל בתּך הקטנה [< בּראשית, כט, 18] = א, פּינקטלעך, גענוי, מע זאָל ניט קענען פֿאַרדרייען. „איך האָב ליב אויסצורעדן ברחל בּתּי [!] הקטנה„, קמ, 43 l868, No. [שפּאַסיק, גראָבלעך: א, בּרחל בּתּך הנאַקעטע].

9. אויסטײַטשן, אַרײַנטײַטשן בּײַם לערנען (בּײַם לערנען חומש בּפֿירוש אַרויסבּרענגען וואָס רשי מאַכט און בּײַם לערנען גמרא בּפֿרוטרוט אויפֿקלערן אין וואָס עס בּאַשטייט דער ענין, אין וואָס עס גייט בּײַ אַ סוגיא, בּײַ אַ פּלוגתּא). „...האָט דאָס מפֿורש געווען ר, נתן בּר אבּאָ פֿאַר רבֿ. דאָ דאַרף מען א, דאָס אייגענע וואָס בּײַ רבּי יעקבֿ בּר אבּאָ איז גערעדט געוואָרן“, ⸗tה, לח/ב. „דער רבּי האָט מיר אין דער סדרה בּראשית אויסגערעדט אויף דעם פּסוק 'ויאמר למך לנשיו, אַזוי: למך איז געווען אַ בּלינדער, תּובֿל־קין האָט אים געפֿירט, און אַז ער האָט דערזען

פֿון־דער־ווײַטן זײַן זיידן קין, האָט אים זיך
אויסגעדאַכט אַז דאָס איז אַ חיה (דער רבי
האָט געזאָגט אַ פֿוקס, כּדי בעסער מסביר צו
זײַן), האָט ער צו דעם בלינדן, צו למכן,
געזאָגט אַז ער זאָל צילן אויף דעם פֿוקס, האָט
ער געצילט און אים געהרגעט. און אַז למך
איז געוואָר געוואָרן אַז דאָס איז גאָר זײַן
זיידע, האָט ער געפּאַטשט איין האַנט אין דער
אַנדערער האַנט און האָט דערווײַל זײַן זון
תּובל־קין צעקלאַפּט אויף טויט. האָבן זײַנע
ווײַבער דערפֿאַר פֿון אים זיך פּורש געווען,
דאָס טײַטש אָפּגעשיידט, האָט ער זיי
איבערגעבעטן, ויאמר — און ער האָט געזאָגט...,,.
ממוס, קליינמענטשעלע.

10. מפֿסיק זײַן אין מיטן דאַווענען. ,,אַלע
דינים פֿון דאַווענען...אויף וועלכע ערטער אין
דאַווענען מע טאָר ניט אויסרעדן,,, חא, וואַרשע
1867 [אין ווילנער טעקסט:...מע טאָר ניט
ריידן]. 11. באַזײַטיקן דורך רייד (היפּך פֿון
אײַנריידן). ,,ליבע קען מען נישט אײַנריידן, מורא
קען מען נישט אויסריידן“, שוו. 12. בײַם
ריידן אינגאַנצן אויסשעפּן אַן ענין. ,,האָט מען
זיך אַלץ דורכגערעדט, ביז מע האָט דעם
ענין אויסגערעדט זייער קלאָר“, אמד, דבֿרי

חכמים, ווילנע 1864 [פֿרגל בּ9].
ויסריידן זיך — ← דפֿוו. 1. אַרויסזאָגן
עפּעס אָן אַ כּיוון, אַזוי ווי פֿון זיך. „עס
רעדט זיך אַמאָל אַרויס אַ וואָרט און מע האָט
דערנאָך חרטה אַ לעבן־לאַנג“, שוו. זיך א,
מיט אַ נאַרישקייט; אַ נאַרישקייט רעדט זיך
אויס. אַז איך וועל זיך א', זאָל מיר די צונג
אָפּדאַרן!
2. זאָגן וואָס עס דריקט און דורך דעם
זיך גרינגער מאַכן; זיך בּאַקלאָגן. א, זיך פֿאַר
עמעצן. “...אַ צײַט אויף...אויסגיסן איינער

אויסריידעניש

דעם צווייטן דאָס האַרץ“, ממוס, 'שם און
יפֿת“. „מײַן לאַגע איז די שרעקלעכסטע. איך
קאָן אַפֿילו פֿאַר אײַך זיך נישט א,“, ספּ,
סודות. „אַז מע רעדט זיו אויס דאָס האַרץ
ווערט גרינגער“, שוו. „בּשעת דער [
בּעלתּשובֿה] זאָגט על־חטא, זאָל ער א, בּל־לבֿבֿו,

אַז ער האָט חרטה באמת“, פּוקח עִוְרים, שקלאָוו, 1832.

3. קזוו, אויסטענהן זיך. „די דאָזיקע שעה צײַט אין שענקל איז פֿאַר אונדז געווען אַ גוטע צײַט אויף אויסצורײדן זיך„, ממוס, 'שם און יפֿת„.

אויסרײדעוודיק — אַדי. וואָס איז מיט אַ סך רייד; באַריכותדיק. וואָס האָט אין זיך אַן אויסרייד, בּ1. אַן א'ער פּירוש.

אויסרײדעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. אויסרייד, קען אויך האָבן איר בּײַטעם.
2. דזוו אויסרײדעניש, בּ3.

אויסרײדעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס פֿון אויסרײדן (זיך). 2. תּירוץ, אויסרייד, בּבּ 2▯4. „אַפֿילו אויף פּסח מאַכט ער זיך אַמאָל אַן א, און קומט נישט“, מ. י. בּערדיטשעווסקי. 3. אויסרייד, בּ1 ←.
מאָטיווירונג פֿאַרן אָנהייבן לערנען אַ נײַעם ענין, אַן אויסטײַטש פֿון אַ פּסוק אָדער סוגיא. „מיר שאָקלען זיך און לערנען 'שיר־השירים, מיט אַלע א'ן פֿון רשי„, ממוס, אַ גרויע האָר'.

„מען איז מוחל די גמרא, די האַרבּע א, אין 'מרובה, מיט די קלעפּ און שמיץ„, אר, 'דרײַ

שׂונאים'. [אַ דוגמא פֿון אַן א, אויף אַ פּסוק (בּראשית, מח, 7): „ואני — און איו, כאָטש איך בּין דיך מטריח מיט מײַן קבֿורה, זאָלסט מיך טראָגן פֿון מצרים קיין ארץ־ישׂראל — בּײַ דײַן מאַמע רחל האָבּ איך נישט אַזוי געטאָן, און איך האָבּ זי בּאַגראָבֿן אין מיטן וועג, כאָטש עס איז נאָך געווען אַ שטיקל וועג אין שטאָט אַרײַן, ווי אין פּסוק שטייט: 'עוד כּבֿרת ארץ לבֿא אפֿרתה, — עס איז נאָך געווען אַ שטיקל וועג צו קומען קיין אפֿרת, ווײַל עס איז געווען על פּי הדיבּור, בּשעת נבֿוזראדן

וועט פֿאַרטרײַבּן די ייִדן אין גלות אַרײַן, ווע[illegible]ו זיי דורכגיין דורך דער מאַמע רחלס קבֿר און וויינען און קלאָגן, וועט אַרויסגיין די מאַמע רחל פֿון איר קבֿר און שרײַען און בּעטן צו גאָט, ווי אין פּסוק שטייט: 'רחל מבֿכּה על בּניה,. וועט אַרויסגיין אַ בּת־קול פֿון הימל און זאָגן: ,רחל מנעי קולך מבּכי, — רחל, הער אויף צו וויינען, 'יש, — ס'איז דאָ, ,שׂכר, — געצאָלטס, ,לפֿעולתך, — צו דײַן געווערק, 'יבֿא יום, — עס וועט קומען אַ טאָג, 'ושבֿו בנים לגבֿולם, — עס וועלן זיך אומקערן קינדער צו זייערע געמאַרקן, עס וועט קומען אַ טאָג און די ייִדן וועלן זיך

אומקערן קיין ארץ־ישׂראל. דערום בעט איך
די⸗ זאָלסט נישט האָבן אויף מיר קיין
תּרעומות. 'ונשׂאתני, — זאָלסט מיך טראָגן,
'וקבֿרתּני, — זאָלסט מיך באַגראָבן, ,באַרץ,
— אין לאַנד כנען, כּדי איך זאָל נישט דאַרפֿן
ליַדן קיין גילגול מחילות פֿון מצרים קיין
ארץ־ישׂראל. ווען משיח וועט קומען וועלן
אַלע מתים פֿון חוץ־לאָרץ זיך קאַטשען אונטער
דער ערד קיין ארץ־ישׂראל אויפֿצושטיין

אויסריַזן

תּחית המתים,,, יחיאל שטערן, חדר און
בּיתמדרש].
אויסריַזן — אַקוזוו. ריַז אויס, ~געריַזט.
אויספֿאָרן, אויסוואַנדערן; דורכמאַכן אַ נסיעה
איבער אַ צאָל ערטער. א, אַ וועלט. ,,ער
ווער איין יונגיר מאַן וואָלט דיא גנצי וועלט
אויז רייזין אונ, שוינט געלט גינוגין פֿאַר
דינין,,, גה, 108. ,,ער האָט אויסגעריַזט די
גאַנצע פּראָווינץ“, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. ,,שטייט אַ בּושל אויף אַ דאַך, לענדער
אויסגעריַזט אַ סך“, יהואָש, ,פֿרילינג'.

אויסרייטלען (זיך) — רייטל (זיך) אויס,
(זיך) ~גערייטלט. דזוו אויסרויטלען (זיך) ←.
אויסרײַטן — רײַט אויס, ~געריטן [נאָר אין
אַ צאָל פֿר: בּ י ן].
אוטוו — אָנהייבן רײַטן, אַרויסרײַטן. „אַז
זיי רײַטן אויס צום עקזערציר־פּלאַץ (זיך צו
מושטירן) איז אויף די וועלט„, קמ, 1862,
No 7. „סאַלקען האָט זיך זייער געוואָלט ווערן
אַ גוטבּאַזיצערין, געחלומט אַז זי וועט יעדן
נאָכמיטאָג א'“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ
פֿערדגנבֿ. ”דא ריטן זיא אבּר אויז צו דער זעלבּיג
שטונד“, ספֿר משלים, פּפֿדמ, תּמ“ז.
אַקוזוו — אויספֿאָרן אַ צאָל ערטער
רײַטנדיק. א, די אַרומיקע פֿעלדער. „די בּוטן אין
אלי לאַנד אויז רײַטן„, בּבֿא־בּוך, 612. „איך
דאַרף ניט קיין מײַליקע ווײַטן פֿאַר מיר איז
,
גענוג אַן ערך הונדערט טריט אויסצורײַטן“,
ראָלניק, געקליבּענע שריפֿטן.
טרוו — 1. צוגעוואוינען צו האָבּן אויף זיך
און צו פֿאָלגן אַ רײַטער. א, אַ פֿערד.
2. אויסטרעטן רײַטנדיק. א, אַ שטעגל אין
וואַלד.
אויסרײַטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. רײַטן

(אַ לענגערע צײַט) און אויפֿהערן. „מיר האָבן זיך אויסגעריטן און זיך צוגעלייגט אונטער אַ בוים„.

אויסרײַטער — דער, ־ס. וונ נבֿ. 1. ווער עס רײַט אויס, טרוו, בֿ2. ווער עס רײַט פֿאָרויס; ספּעצ: פֿאָרויסרײַטער פֿון פֿײַער־לעשערס. „דאָס אָנקומען פֿון א, און דאָס אָנפֿאָרן פֿון די פֿײַערלעשער“, באַש, מײַן טאַטנס בּיתדין־שטוב.

אויסרײַטערן — טרוו. ־ער אויס, ~ גערײַטערט. Mhd: riuten. מיִ. דזוו אויסיעטן; אויסרייניקן, אויסזיפּן. „ווער עס טוט אום[שבת קאָרן א'...[אָדער] ווען מען דעם האָבער אויסרײַטערט כּדי צו געבן פֿאַר די סוסים איז חייבֿ משום מרקד“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

אויסרייכן — טרוו. רײַך אויס, ~גערייכט. דרייזין. דזוו אויסרייכערן, אויסרריכערן. [נד].

אויסרייכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסרייכערן.

אויסרייכערן — טרוו. ־ער אויס, ~ גערייכערט, ~רויכערן ←. 1. פֿאַרענדיקן רייכערן; פֿאַרניצן בײַם רייכערן דעם אָנגרייט (פֿון טאַבעק, פּאַפּיראָסן, סיגאַרן). א, נאָך אַ

פּיפּקע. א, דאָס קעסטל סיגאַרן. א, צוויי
פּעקלעך פּאַפּיראָסן אין איין טאָג. 2. דזוו
אויסרויכערן, בּ2. „ער פֿלעגט אָפּדינגען בײַם פּריץ
אַ גאַראַלניע און א, פֿיל בּראַנפֿן“, קמ, 1870,
3 .No 11. דזוו אויסרויכערן, בּ 3 & 4.

357

„מע טאָר נישט אום יום־טובֿ 'אוש רייכרן,
די שטובֿ מיט בּשׂמים, דהײַנו, וואָס מע לייגט
בּשׂמים אויף פֿײַער — טאָר מען נישט אום
י„ט“, ספֿר שלחן ערוך, ח„א [זשאָלקווע?].
4. דזוו אויסרויכערן, בּ 5 & 6.
אויסריימען — [אַרויסרייד אומקלאָר] טרוו.
ריים אויס, ~געריימט. אַרכ. דזון
אויסרוימען ←, אויסראַמען ←. „...און, עז שײַנט דאז
דער גוטי מענש אנדרי האָט מוזין אויז ריימען
[= מאַכן אַן אָרט]“, גה, 76.
אויסרייניקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסרייניקן. גרינטלעכע א'.
„...כּדי צו פֿאַרענדיקן די פֿאַרגעבֿונג און א,
פֿון דעם נפֿש פֿאַר גאָט“, תּניא, 382.
אויסרייניקן — טרוו. ־יק אויס, ~
גערייניקט. 1. מאַכן ריין (אַן אָרט, אַ כּלי, זאַכן

בכלל). א, אַ צימער, אַ בגד, אַ פּיפּקע, אַ טעמפּל. „ער האָט געפּלאַנצט ביימער און האָט די ערד אויסגערייניקט פון די דערנער און פון די קריַטעכצער“, חה, ב, 224. „פּונקט אין דער ציַט...האָט מען אויסגערייניקט דעם טיַך און די מקווה“, ממוס, קליאַטשע. *א, דעם מאָגן = ניצן אָפּפּיר־מיטל אָדער קליסטיר.

2. באַזיַטיקן אומריינס אָדער איבעריקס. א, די דערנער פון פעלד. „דאש ער בישמירט האָט זאַל פאַר וואול איש רייניגן“, לט1, 2/6. „די דאָרטיקע איַנוואוינער שיַען זיך אָבער אויסצורייניקן די בלאָטע און זאָגן: וואָס מע האָט פון אַלטע ציַטן אָנגעמאַכט — דאָס מוז בלייַבן“, ממוס, מסעות.

3. פון טמא, אומריין, מאַכן טהור, ריין; מטהר זיַן. „דעריבער דאַרף דער גוף אָנקומען צו חבוט־הקבֿר אויסצורייניקן אים און מאַכן אים טהור פון זיַן טומאה„, תּניא, 25. „האָט ער עובֿר געווען אויף כּרת אָדער מיתות ביתדין, מאַכן תּשובֿה און יום־כּפּור דאָס הענגען, און יסורים רייניקן דאָס אויס“, דאָרטן, 372.

4. באַפריַען פון עפּעס וואָס איז ניט געוואונטשן. א, די מידות. א, די פּאַרטיי פון די וואַקלדיקע עלעמענטן. „די וועלט איז נאָר אַ

פֿאָרהויז אויסצופּוצן אין איר די נשמה און
זי א',,, איבֿז לעאָן, פֿײַערבערג, וואוהין.
5. אַרויסנעמען; אַוועקנעמען; אַרויסטראָגן,
אַרויסגנבֿענען. א, די קעשענעס ערבֿ שבת.
די גנבֿים האָבן אויסגערייניקט די שופֿלאָדן.
אַלץ פֿאַרזעצן, א, די שטוב. ,,ביז ער האָט
אונדז מחילה אויסגערייניקט אַלעמען די
בײַטעלעך, צוגענומען וואו ס'איז געווען אַ
פּרוטה", שע, מע יות פֿאַך ייִדישע קינדעך.
6 פֿאַרטרײַבן, אומברענגען אומגעוואונטשענע
.
מענטשן. א, די פֿאַררעטערס פֿון דער
רעוואָלוציע.
אויסרייניקן זיך — ← דפֿוו. 1. פֿאַרלירן,
אָנווערן, אָפּגעבן געלט, זאַכן. ,,מיר האָבן
געשטיצט די אָרעמע קרובֿים און זיך
אויסגערייניקט". 2. תּשובֿה טאָן, אויסבעסערן זיך.
,,זיי האָבן אײַנגעזען דאָס שלעכטס פֿון זייערע
מעשׂים און האָבן זיך אויסגערייניקט".
אויסרייס — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון

אויסרײַסן. ווייטיקדיקער א'. 2. שלעכטס,
אומגליק.
אויסרייסונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון

אויס־־
רײַסן.

אויסרײַסן

אויסרייסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
גערייסטערט. דזוו אויסלייסטערן ←.
אויסרײַסן — טרוו. רײַס אויס, ~געריסן.
1. מיט כּוח שלעפּן און אַרויסציִען וואָס
וואַקסט אין דער ערד. ב, יג/ב: ״תּולש —
ער רײַסט אויש״. „אַצײַט איז צו פֿלאַנצן און
אַצײַט אויס צו רײַסן דיא וואָס זענן שוֹן גרייט
גפֿלאַנצט״, מס, קהלת, תּקע„ט ג, 2. „איז
אים דאָס קרײַטעכץ זייער געפֿעלן, האָט ער
זיך מיישב געווען, ער וועט עס א, מיט דעם
וואָרצל״, נחב, 'מעשׂה מחכם,. 2. אויסיעטן.
א, די גאַנצע קראָפּעווע. א, ווילדגראָזן.
3. מיט כּוח שלעפּן און אַרויסקריגן עפּעס
וואָס איז צוגעפֿעסטיקט. א, די אײַזערנע
גראַטעס. „אַ שטאַנג אויסגעריסן האָב איך פֿון דעם
שליטן, געשלאָגן דאָס פֿערד אין די זײַטן״,
הל, 'אין שניי'.
4. איבערגוואַלד אַרויסנעמען אַ גליד פֿון
קערפּער אָדער וואָס וואַקסט אַרויס פֿון

קערפּער. א, פֿון פּערדס ווײדל אַ האָר. א, די האָר פֿון באָרד. „און, איין אידריר [= יעדערער] האָט דער גנז איין פּעדיר אויז גירישן" [ווש, ווײַל דער בעל־דבֿר הייסט גאַנדז], גה, 65. „ייִדן רײַסן אויס אײנער דעם אַנדערן די פּאות און די בערד צוליב שטעט און עליות", ממוס, 'צוריק אַהיים,. „איז ער אַזוי געלאָפֿן אַלע מאָל און האָט אים

אויסגעריסן מיט די קאַמען שטיקער פֿלייש", מע▯tה אומן. *א, די באַקן, שטיקער פֿלייש = שטאַרק אויסקנײַפּן. „די מאַמע מײַנע פֿלעגט מיך דערפֿאַר נישט איין מאָל הרגענען, שלאָגו און א, מיר שטיקער פֿלייש„, ממוס, קליינמענטשעלע. *א, אַ צאָן, ציין, ציינער = אויך. פֿאַרשאַפֿן ווייטיקן; זיך אָפּרעכענען

.

שטאַרק, באַשטראָפֿן. *א, דאָס (אַ שטיק האַרץ — פֿאַרשאַפֿן גרויסן האַרצווייטיק,

— —

עגמת־נפֿש. „זײַן בלייך פּנים, זײַן הלבשה און דאָס גאַנצע אויסזען זײַנס האָבן אויסגעריסו, שׂונאי־ציון, אַ שטיק האַרץ", ממוס, ווינטשפֿ. *עס רײַסט אויס דאָס האַרץ (אַ שטיק האַרץ) = עס איז אַזאַ רחמנות אַז עס טוט שטאַרק

וויי. „עס רײַסט מיר אויס דאָס האַרץ זי צו
שלעפּן, אַ רחמנות, עס מוז איר וויי טאָן„,
ממוס, קליאַטשע. *א, די אויגן = א) זידלען,
פֿאָרוואַרפֿן עפּעס אין די אויגן; בּ)
אַרויסקריגן פֿון עמעצן אַלץ וואָס ער האָט. “איך וועל
דער חבֿרה די אויגן א', ווען זיי וועלן דאָס
געלט ניט צוריקגעבֿן“, קמ, ▯ 3 1866, No. „מע
מוז זיך גאַנץ גוט צו די לײַט טויגן, וואָרן
זיי קענען גאַנץ גרינג א, די אויגן“, טעיאַטאָר.
5. אויסכאַפּן, אַרויסכאַפּן. א, פֿון די ציין
דעם בּיסן פֿון מויל, דאָס לעצטע שטיקל
בּרויט. „ווען איך וואַש אין מיין הנט טוא
פֿאַסין, וויל איך זעהן ווער מירש ווערט
אויש רײַסן“, עיון, 1/6. „ווער קאָן זײַן
ראָשהקהל? דער וואָס קאָן א, אָ קינד פֿון דער
מוטערס שויס, און פֿאַרקאָווען און פֿאַרשיקן“,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „אײַער רײַכטום
האָט איר דאָך גערויבּט שלא בּיושר, איר האָט
בּײַ אונדז אויסגעריסן אונדזער געלט, אונדזער
בּלוט„, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע
.1898
6. מיט שווערקייט אַרויסקריגן. א, בּײַ אַ

אויס רײַסן

גבִיר אַ קערבל אויף צדקה. „ס'איז אַ סך גרינגער געהרגעט צו ווערן פֿון אַ דונער איידער א בײַ אַ גבִיר אַ קערבל אויף ציון„, שע, קליינע מענטשעלעך... „...בײַ ווען זי רײַסט אויס מיט גרויס מאַטערניש אַלע חודש אויף צו לעבן“, בערג, אָפּגאַנג. „ איבערגעשטאַנען אין די קאָלטע צימערן פֿון ייִדגעזקאָם אויף א, אַ פֿונט זייף“, א. קאָהאַן, מענטשן פֿון אַלקער. *א, פֿון אַ חזיר אַ האָר = פֿון אַ שלעכטן אַרויסקריגן אַ קלייניקייט. א, ווי פֿון אַ הונט (אַ חזיר). ס'איז אַ מצווה פֿון אַ חזיר אַ האָר א, פֿוול.

7. אויסנאַרן (ביז לעצטן גראָשן). „אַפֿילו אַז וועט אים קומען אונטער דער האַנט איינער פֿון די בני־ישׂראל — זאָל ער אים אויך א“, טעיאַטאָר. „...חוץ דער רציחה וואָס מע רײַסט אויס אָרעמע לײַט“, קמ, 1865, No 25.

8. אויסשטראָפֿן, שטאַרק אויסמוסרן. „ער רײַסט אויס די דינסט פֿאַר אַן איבעריק צענדליק אייער וואָס זי האָט געקויפֿט“, שע, קינדערשפּיל. „נישקשה, ער וועט שוין חרטה

האָבן, וואָס ער האָט נישט געוואָלט קומען,
איך וועל זיי שוין בײדע א, ווי די הינט!,,,
עט, סערקעלע.
9. אויסוואָרצלען, אויסקאָרענייען. ,,איך
וועל זיי קענען א', קיין סיביריען שיקן“, יפּ.
,,ער האָט פֿאַראורזאַכט אויסצוריַיסן זיַין
נשמה און זיַין נפֿש־האלקית פֿון דעם
חייהחיים ב“ה“, תּניא, 398. *א, מיטן וואָרצל
דעם פֿוילער, דעם וועלער, דעם נאַשער =
אויסוואָרצלען די אייגנשאַפֿט פֿון זיַין פֿויל
אַזוו. *א, דעם נואף = אַזוי באַשטראָפֿן, מע
זאָל ניט וועלן (ניט קענען) זיַין אַ נואף.
()1. אומברענגען, אויסראָטן. ,,ווען מיר
נאָר קענטין זיערן רבי אויש רייסין דא ווער
זיין פֿאָלק מיד נעקר מן העולם“, נצ1, כח/ד.
,,דער זון האָט אָנגעהויבן צו פֿירן די מדינה
מיט גוטן, מחמת ער האָט געזען, מ'האָט
געוואָלט זיַין פֿאָטער א',,, נחב, 'מעשׂה נסים'.
,,זייערע פֿערד זאָלסטו א, [אין טעקסט 'תּעקר']
און זייערע ריַטוועגן זאָלסטו פֿאַרברענען אין
פֿיַיער“, תּי, יהושע, יא, 6.
אדיס רײַסן — פֿראַזע. פֿון רײַסן,
וויַסרוסלאַנד, אויך: רוסלאַנד, טיף אין ראַסיי. ווש:
“— פֿון וואַנען קומט אַ ייִד? פֿון

אויס ▯ ----

רײַסן,,. [אויס רײַסן — פֿון געגנט וואָס

הייסט רײַסן]. ← אויסרײַסעניש, בּ3.

אדיסרײַסן זיך — ← אויסרײַסן. 1. מיטאַמאָל

און אַזוי ווי איבּערגוואַלד אַרויסקומען. אַ

טומל, פּראָטעסט, פֿײַער רײַסט זיך אויס.

אַן אומגליק האָט זיך אויסגעריסן =

אומגעריכט געקומען. ,,אַ ווילד פֿרייד־געשריי

האָט זיך אויסגעריסן פֿון אַלע מײַלער אַרום“,

פּרץ, 'דרײַ מתּנות'. 2. מיט אָנשטרענגונג

זיך בּאַפֿרײַען פֿון פֿאַרנומען זײַן, פֿון

אַרבּעטן. ,,אָ, אַן אָנגעלייגטער גאַסט! זיך פֿאָרט

אויסגעריסן אַמאָל צו קומען!,,, ממוס, פּריזיוו.

3. שרײַען, הויך און בּייז ריידן בּיז הייזעריק

ווערן. א, זיך דעם האַלדז שרײַענדיק. ,,נישט

איין פּאַמפֿלעטיסט, אַ קטיגור, וועט זיך א,

דעם האַלדז“, פּרץ, 'וואָס זאָל איך ווערן?'.

,,אַ פֿאָלק ווען ס'רײַסט זיך אויס אויף אים

אַ קלאָג, ווי ס'איז צו אונדז פֿאַרגאַנגען“, א.

קיפּניס. 4▯ קזוו אויסרײַסן איינער בּײַם

צווייטן. א, זיך די האָר פֿון קאָפּ. *א, זיך
די אויגן = זיך זידלען, ווײַזן איינער דעם
צווייטן ווי פֿאַלש (שלעכט) מען איז. „זיי האָבן
זיך בײַ די קעפּ געבּיסן און די פֿעדערן [זיך]
גאָר אויסגעריסן“, עט, משלים.
אויסרײַסעכץ — דאָס (די), ־ן. 1.
אויסרײַסונג. 2. סיבּה פֿון אויסגעריסן ווערן.
3. אויסרײַסעניש, אָנשיקעניש.
אויסרײַסעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסרײַסן (זיך) און
אויסגעריסן ווערן. 2. צרה, אומגליק,
אָנשיקעניש. „אַן א, זאָל אויף אים קומען!“ —
קללה. „אַ כאָראָבּע אויף זיי! אַן א', אַ מיתה
משונה! פֿון קיין גוטן טאָג זאָלן זיי ניט
וויסן!“, בערג, בײַם דניעפּער. „דערווײַל לײַדט
דער האַנדל שרעקלעך...דאָס איז פֿאַר סוחרים
אַן א„„, קמ, 1866 28, No.
3. אָרט וואו מע ווערט אויסגעריסן; זייער
ווײַט און פֿאַרוואָרפֿן אָרט. פֿאַרוואָרפֿן, אַוועק
אין אַלע א'ן. „געקומען פֿון א, אויף אונדז אַ
בייזע טרעפֿעניש, עפּעס אַ בּאַשעפֿעניש...“,
ר, מרדכילע, משלים. „דו נעמסט און ציסט זיך
אַרויס פֿון אַזאַ שיינער געגנט און פֿאַרציסט
זיך ערגעץ אין א,“, אַבֿרהם פֿאָדים.

אויסרײַסער — דער, ־ס. וונ ־ין, קע, ־ס.
1. ווער עס רײַסט אויס. אַן אויסכאַפּער, אַן
א'. „אַזאַ א, — יעדעס מאָל אַ הוספֿה!“, י.
מ. ניימאַן, שבת־אויבס. 2. ווער עס רײַסט
זיך אַרויס, אַנטרונענער, פּליט. מלל פֿאַרטײַטשט
'ויבֿא הפּליט, (בּראשית, יד, 13): „איין אויש
רײַסער“ [תּ ׃ אַנטרונענער]. 3. אונגיי, העצער,
דעמאַגאָג. „מחלוקות א'...“, עמוד היראה,
אונגוואַר 1867.
אויסרײַסערײַ — ־ען. 1. דאָס — טואונג
פֿון אויסרײַסער. 2. ד י — אָרט וואו מע
רײַסט אויס, מע ווערט אויסגעריסן.
אויסרײַסעריש — אַדי. אויסכאַפּעריש;
אויסנאַרעריש. וואָס איז ווי בײַ עמעצן וואָס
וואָרצלט אויס, בּרענגט אום.
אויסרייען 1 — טרוו. ריי אויס, ~גערייט.
אויסשטעלן אין רייען. א, די קינדער ווי
זעלנערס.
אויסרייען 11 — טרוו. רייע אויס, ~גערייעט.
מג, מיטן־גאַליציע. 1. אויסגראָבּן,
אויסראָיען. א, גריבּער אויפֿן שטראָז. 2.
אויסשמירן, אויסבּרודיקן. א, דאָס פּנים, די
מלבּושים. א, אין בּלאָטע; א, זיך ווי אַ חזיר.

▯

אויסרײַסן — טרוו. רייף אויס, ~געריסן.
אַרויפֿלייגן רייפֿן. א אַ פֿאַס, טון, אַ
הילצער,

▯

נעם עמער.

▯ ▯

אויסרײַסן, ~רײַסן — טרוו. רייף, רײַף
אויס; ~געריסן, ~רײַסט. פּר.
אויסצײַטיקן. מע דאַרף ניט א, די באַרן אויפֿן בוים.

-- ▯ -

אויסרײַסן, ~רײַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
צײַטיק ווערן. „די ייִדישע פּאָעזיע אין
אַמעריקע האָט זיך ערשט געגומען א, אין 1914“,
יג, תּוד.
אויסרייצן — טרוו. רייץ אויס, ~גערייצט.

אויפֿרייצן אַ צאָל; אינגאַנצן צערייצן. א אַלע

,

הינט. א אַ וואונד.

,

אויסריכטן

אויסרייצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. רייצן זיך
מיט אַ צאָל; אַ לענגערע צײַט זיך רייצן. א,
זיך מיטן קינד ביז עס צעוויינט זיך.
אויסריישן — טרוו. רייש אויס, ~געריישט.
פֿד. אויספֿרעגלען (מיט ציבעלע). „דעם
וואורשט האָט די אַלטע פֿעשע אויסגעריישט
מיט אַ ציבעלע“, אַש, טויטאורטייל.
אויסריכט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסריכטן
(זיך). סכום זאַכן וואָס מע ניצט בײַם
אויסריכטן. רײַכער (אָרעמער) א'. „צען וואַגאָנען
מיט די סאַמע שענסטע פּרויענקליידער זײַנען
אויך...אין דעם צענטראַלן א'־לאַגער פֿאַר
עס־עס־כּלות“,מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. [פֿר.
אויך: תּכריכים].
אויסריכטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסריכטן. צוגרייטונג; הכנות

צו אַן אונטערנעמונג, לאַנגער נסיעה
פֿײַ,
ערונג אע. 2. אויסשטאַטונג (נעמט אַרײַן
מלבושים, מעבל, נייטיקע מכשירים, כּלים).
א, פֿון אַ זעלנער. א, פֿון אַ בית־יתומים.
3. אויסשטײַער (און פֿאַרשיידענע נייטיקע
צוגאָבן פֿאַר דער בעל־הבתּישקייט). ,,...האָט
זיך פֿאַר שריבין ארבעה אַלפֿים ר"ט באנקי
נעכין אלי אויז ריכטונג", גה, 159. ,,איך וויל
אַ קינד נאָכגעבן אַכט הונדערט זילבערנע
קערבלעך און צירונג און קליידער, גרעט
און בעטגעוואַנט, הײַנט אַנדער א, און
קעסט..."; עט, סערקעלע. 4. תּכריכים און
דער גאַנצער אָנטו פֿון אַ מת (אַרײַנגענומען
אויך די שערבלעך אויף די אויגן און
ארץ־ישראל־ערד).
אויסריכטן — טרוו. ריכט אויס, ~געריכט.
פּפֿ: ~רעכטן ←.
1. צוגרייטן צו אַן אונטערנעמונג,
פֿאַרזאָרגן מיט די נייטיקע זאַכן. א אַ
פֿאָר,
שטעלונג, אַ באַל, אַ יום־טובֿ. ,,נון האָט דער
ניקש זיין אייגין גיהאבט צו זוא איין גרוישן...
ווערק אויז צו ריכטין", גה, 157. ,,מ'וועט

באַדאַרפֿן אַ לוויה א"", אָקרוטני, טמז, 1953

.4

2. אויסשטאַטן (מיט מלבושים, מעבל, נייטיקע מכשירים, געווער, כלים). א, אַ זעלנער, אַן אַרמיי. א אַן אַנשטאַלט, אַ שפּיטאָל מיט

,

בעטן און מעדיקאַמענטן. א, אַ בעל־הבתישקייט מיט אַ ברייטער האַנט.

3. באַקליידן (ספּעצ אַ כלה), געבן אַן אויסשטײַער און אויך אַנדערע מתנות דער כלה, דעם יונגן פּאָרפֿאָלק. א, אַ טאָכטער, אַ כלה, דאָס פּאָרפֿאָלק; א אַ וויפּראַווע.

,

4. אָנגרייטן דאָס נייטיקע און אײַנפּאַקן; טאָן פֿאַרשיידענע אַרבעטן לטובֿת עמעצן וואָס פֿאָרט אַוועק. „זי האָט אויסגעריכט איר עלטסטן זון אין וועג אַרײַן, ווען ער איז געפֿאָרן מיטן פֿאָטער אויף יום־טובֿ צום רבין", אַש, תּהילים־ייִד. „זיי האָבן אויסגעריכט צו אים אַ שליח מיוחד מיט אַ פֿאַרזיגלטן פּאַקעט,,, ליטוו. א, זיך אין וועג אַרײַן.

5. (מטהר זײַן און) אָנטאָן דעם מת. „הענגט די שבֿעה־שטימונג אין דער לופֿט געדיכט, ווי מע וואָלט אַ מת פֿון דאַנען

אויסגעריכט,,, אַל I.

6. צוגרייטן צו אַן אַרבעט־פּראָצעס אָדער פֿאַרענדיקן אַן אַרבעט. א, שטאָף צוצושנײַדן.

אויסריכטן

א, אַ קלייד פֿאַרן פּרעסן. *א, אַ קלייד = צונייען קנעפּלעך, סטענגעס, באַצירונגען. *א, אַ קאַפּול, אַ קאָפּיטע = ריכטיק אַרויפֿשטעלן, אײַנאָרדענען, גוט צופּאַסן.

7. אויפֿפֿירן, אויסשפּילן; פֿאַרשאַפֿן בזיון, ווייטיק. *א, אַ ווּיסטע סצענע = מאַכן אַ סקאַנדאַל, וויינען און שרײַען. *א, אַ וויסטן פֿרײַטיק, שבת = ווען מע מאַכט דעם סקאַנדאַל פֿרײַטיק, שבת. *א אַ שוואַרץ יאָר = ,

אויסשעלטן, אויסזידלען; אָפּטאָן אויף אַ מיאוסן אופֿן. א, וו אַ שטיפֿקינד, וו אַ יתום.
י י

א, ווי אַ בייזע שוויגער.

8. אויסשטעלן, אײַנשטעלן, פֿאָרמולירן. א, אַ כּתבֿ, די תּנאָים. ,,און, וואַלן איך די דיינם ניט אויש ריכטן, זא וויל בֿור דען גרושן דיין

לוייפֿן“, שו“ת מהרי, ווייל [הש] ‏ ,,וויפֿל גטן,
עכטע כשרע גטן האָט ער אין קהל־שטוב און
בײַ זיך אין דער היים אויסגעריכט!“, פּרץ,
'די לוויה'.
9. אײַנשאַפֿן, קריגן (געוויינטלעך מיט
ז י ך). ,,אוב זיך איינר וואָלט אויש ריכטן
איין אַפּוטרופּסות ע,,י גוים, דא זול מן זיך
קיגן איהם הלטן כּפֿי התקנה בּכל אופֿן
ועונשים“, תּקק. *א, (עמעצן, זיך) אַ
שוואַרצן סוף = האָבן, קריגן אַ מפּלה,
דורכפֿאַל, שלעכטן סוף [מיט ז י ך בײַטעם אַז
מען איז אַליין שולדיק]. א, זיך אַ מפּלה. א,
זיך אַ שוואַרץ (פֿינצטער), וויסט יאָר =
האָבן צרות, אַ שלעכטן סוף, ווי אַ רעזולטאַט
פֿון אייגענע מעשׂים. ,,אויב ער וועט תּשובֿה
טאָן איז רעכט...אויב ניט וועט ער זיך א,
אַ שוואַרץ...יאָר אין גיהנום“, פּרץ, חסידיש.
,,אויב דו וועסט נישט אויפֿהערן אַרו‏ פֿצוגיין
צו מײַן מיידל, ועסטו זיך א, אַ פֿינצטער
יאָר“, נאַד. ,,וועסט ןיך אַ וויסט יאָר א', דו
פּושע ישׂראל דו!“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
א, זיך גוטס, אַ גוט יאָר = בּאַלוינט ווערן
מיט גוטס, ווי אַ רעזולטאַט פֿון גוטע מעשׂים;
אָפּט איר מיט אַ פֿאַרקערטן בּאַטײַט. “דער

וואָס טרעפֿט מיך [די חכמה] אָן דער האָט זיך אויס גרעכט אַגיטן ווילן (הסכמה) פֿון השי,,ת״, מס, משלי, תּקע״ד ח, 35.

1O. דורכפֿירן, אויספֿירן; פּועלן. אַרכ. ,,ווען איינר עטווז וואול אויש גיריכט אונ, גטון האָט, זו שפּריך: יאשר כחך״, אליה לוי אשכּנזי, ש מות דבֿרים, 1542. ,,אונ, שפּראַך: הייש אין און זורגן זיין, די זך וויל איך אים וואַל אויז ריכטן״, בּבֿא־בּוך, 61. ,,לאש איַיך וישן דז איך מיין שליחות האבֿ וואָל אוישגיריכט״, פּראָגבֿ, 17. ,,ווי וואול דאז זיא די זך האבֿן אויש גיריכט [מציל געווען אַ יידן], נוך טאָרן זיא עש ווידר איין היים טראָגן [דאָס געווער אום שבת]״, לט 1, 2/79. ,,לסוף דא דיא רשעים האבֿן גיזעהן זי קענן ניקש אויז ריכטן...״; ,,אבֿר מן האָט ניקז קענן בּייא אים אויז ריכטן״, 'גזירה ממדינה אושטרייך', אמשט, l725 [הש I].

11. דערגרייכן, קריגן, אויספּועלן. ארכ. ,,אונ, קם אין צווין טגין...דען עז הט קורצי ווג אויז גיזויכט אודר הט ווז מיט שמות אויז גיריכט״, כּ״י וועגן ר, מאיר ש״ץ, [פֿש I]. ,,...זיך האבֿין כּתבֿי, מן המלכות יר״ה אויז גריכט דאז זיא זאלין פּרנסי, זיין״, גה, 57.

,,ווען אים גלײַך די תּפֿילה ניט אויש ריכט
אַז ער זאַל קענין לעבן בלייבן, קאַן זיא
אים מציל זיין פֿון חיבוט הקבֿר“, עיון, א/2.
12. דערווישן, כאַפּן בײַ דער האַנט. אַרכ.
,,איינער וואָלט אויס ריכטן הן יחיד או רבים...
מסירה שרייבן, דער איז מחויבֿ צו קומן צו
שני ראשים...אונ, זאַל עש אין אַן זאגין“,
תּקק. 13. פֿאַרגיטיקן. אַרכ. ,,ווען דו אים
פֿר שפּרוכסט ווז ער שאדין נעם...דז וואלשטו
אויז ריכטן, זא מיינא איך, ער טוא עז“,
שו“ת מהרי, מינץ (קראָקע 1617), [השׂ I].
אויסריכטן זיך — ← דפֿוו. 1. צוגרייטן
זיך. א, זיך צום פּראָצעס. 2. דערוואַרטן זיך.
א, זיך אויף זײַן קומען.
אויסריכטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~
געריכטעווע. ← אויסרעכטעווען. 1. פֿאַרריכטן.
א אַ שטובּ, אַ גאַניק אאַזוו. 2. אויסריכטן,
בּבֿ 6 ,2 ,1, (אויך בּ 7). ,,[די גרויסע שיף
איבערנעמען אויסצוריכטעווען קיין איירָאָפּע“,
אַלטער־לעבּ, ראָבינזאָהן II, וואַרשע 1880.

אויסריכטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס (געדויערדיקער, אויך מיט איר בײַטעם) פֿון אויסריכטן (זיך). אויך: ־טעכ□ן.

אויסרימען — טרוו. רים אויס, ~גערימט. אָפּט מיט ז י ך. אויסלויבן; שטאַרק רימען, רימען אין אַ צאָל פֿאַלן, אומעטום. א, עמעצן איבער דער גאַנצער שטאָט פֿאַר אַלעמען

,

אין די אויגן. א, ביז אין הימל אַרײַן.

אויסרימעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסרימען (זיך).

אויסרימפּלען — ־פּל אויס, ~גערימפּלט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן צו שפּילן שלעכט, גרילציק. טרוו — 1. אויסשפּילן עפּעס אויף אַ שלעכטן, גרילציקן, רײַסיקן אופֿן. א אַ

,

טאַנץ. 2. (שנײַדערײַ) פֿאַרשנײַדן בײַם צושנײַדן; שלעכט, פּאַרטאַטשיש אויפֿנייען.

אויסרימפּלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסרימפּלען. אַ סקריפּעניש, אַ כאָרכלעניש, אַן א, פֿון כלים.

אויסרימפּלער — דער, ־ס. וונ נב. צונעמעניש פֿאַר אַ שלעכטן קלעזמער.

אויסרינגלען — טרוו. ־גל אויס, ~גערינגלט.

1. מאַכן רינג(ל) אַרום עפּעס. א, די ווערטער
וואָס שטאַמען פֿון לשון־קודש. 2. באַפּרײַען
פֿון אַ רינג(ל). „איז געקומען אַ שלאַנג און
האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום דעם פֿוס פֿון
דעם אייזל...זאָגט ר, פּנחס: נחש, נחש, גיי
און רינגל אויס דײַן קנופּ„, נצ2, צד/בּ.
אויסרינגען 1 — טרוו. רינג אויס, ~
גערינגט. [אויך: ~רונגען]. פּר. דזוו
אויסדרינגען, בּ3 ←.
אויסרינגען 11 — טרוו. רינג אויס, ~
גערונגען. אַמ. אויסקלינגען. „אויסגערונגען אַלע
טירן און ניט פֿאַרקויפֿט פֿאַר קיין איינציקן
דײַם“. to ring □ □ ־ <.
אויסרינען — אוטוו. רין אויס, בּין (האָבּ)
~גערונען [אין לד ס'רובֿ ה אָ בּ]. 1.
רינען, בּיז די כּלי ווערט ליידיק פֿון פֿליסיקייט.
„דאָס פֿעסל האָט אַ שפּאַלט גאָר אונטן און
דאָס וואַסער רינט אויס“. “דאָס (די) שמאַלץ
רינט אויס און דער (די) גרובּ בּלײַבּט„, שוו.
„ווען איינם איין שאַדן גישעך, דז אים דר

אויסר□ען

וויין אויש רינט אודר דאש ביר אויש רינט...
דא טאָר מן וואול איין גוי רופן", לט1, 2/69.
אויך מעטאָנימיש (פרגל ב4). „באַלד שטאַרב
איך...מײַן לעבן רינט אויס", אמד, דאָס קינד
אין וואַלד II,ווילנע 1876. די צײַט רינט אויס.
2. אַריבעררינען. זיך אַריבערגיסן איבער
די ראַנדן פון כלי. "דאָס קינד האָט זיך
אײַנגעהאַלטן, אָבער טרערן האָבן דאָך גענומען
א, פון די אייגעלעך„.. „די מילך איז ניט צו
פיל...עס זאָל א', כאָטש דאָס קינד זייגט ניט„,
חה, 130. *דער סוד רינט אויס = ס'ווערט
אויס סוד. "איר וועט נעמען אויף זיך אים צו
באַשיצן קעגן דער מאַכט, אויב דער סוד
וועט א'", הרב העפטערמאַן פאָר, 1957 X 13.

*דאָס לעבן רינט אויס = מע פילט זיך זייער
שוואַך, מע האַלט בײַם חלשן; די נשמה
פאַרגייט אין קלעמעניש. *א, בײַ דער מוטער אין
בויך = אומקומען ווי אַ וולד אין
מוטערטראַכט. „אויף זיי [ד אַפיקורסים] מעג מען
יאָ זאָגן: הלוואַי וואָלטן זיי געווען
אויסגערונען איידער זיי זײַנען נאָך געבוירן
געוואָרן", קמ, 52 1870, No. „געשאָלטן די

אורחטע...אינאיינעם מיט איר זונעלע, דעם
באַנדיט, וואָס האָט געמעגט א, בײַ איר אין
בויך“, חג, ישיבָה.
3. אַנטלויפָן, אָפּטראָגן זיך. „ער האָט
אָנגעאַרבעט אַ חתונה — און איז שוין ניטאָ.
זײַן כלל: א, מוז מען תּמיד מיט איין רגע
פֿריִער“, בערג, בײַם דניעפּער 4 .I. ניט
ווערן פֿאַרשוואונדן ווערן, נעלם ווערן. „די

,
צוויי הונדערט טויזנט זענען אויסגערונען,
אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך“, שע, דאָס
גרויסע געווינס. „דער שווער איז שוין לאַנג
אויפֿן עולם־האמת; נישטאָ קיין קעסט,
אויסגערונען!„„ פּרץ, 'האשה מרת חנה,. „ס'איז
דאָס בלוי פֿון דעם קוק אויסגערונען, ס'האָט
דאָס וואָרט אין זײַן גומען געדאַרט“, אפֿא,
יעקבֿס געצעלטן. א, ווי אַ חלום, ווי אַ דמיון.
אַן אויג איז אויסגערונען = אויסגעשלאָגן,

.
בלינד און טיף אײַנגעזונקען. „געהאָרעוועט
ביז אַן אויג איז אים אויסגערונען“, שע,
קינדערשפּיל. „שטעכן אים [שפּיזן] אַרײַן אין
זײַנע אויגן...זײַנען אים תּיכּף אויסגערונען די
אויגן“, איין שיינע מע t ה פֿון צענטאָרע

ווענטאָרע, זשיטאָמיר 1876.

אויסריס — דער, ־ן. 1. דזוו אויסרײַס. קללה: אַן א, זאָל אויף אים קומען! 2. דאָס אויסגעריסענע שטיק. אַן א, בײַ די קני.

אויסריסטונג — די, ־ען. ארכ. אויסשטאַטונג, אויסריכטונג, אויסשטײַער. „איז ער אויף דעם מאַרק גאנגן אום אויש רישטונג צו קויפֿן פֿר זיין טאכטר“, מהמ, קסו/בּ.

אויסריסעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געריסעוועט. סל. אויסמאָלן, אויסצייכענען מיט אַ פּען, מיט באַזונדערע שטריכן. א אַ

גע,

שטאַלט. „די מערה איז זייער מהודר... אויף איר ווענט [האָט מען] אויסגעריסעוועט קרענץ בּלומען און זייער שיינע פֿרוכט“, אמד, קורות ירושליט, ווילנע 1862.

אויסר￼ען — טרוו. ריִע אויס, ~געריִעט. דזוו אויסראַיען ←. א אַ גרובּ. מיט ז י ך —

,

דזוו אויסראָיען זיך ←. „נאָר ס'האָט זײַן קלאַס אין אים רחמנות אויסגעריִעט, ווי ס'ריִעט

אויסריפּען

נאָכן שלאָף דער חזיר אויס זײַן פּלויט“, פּײַנ,
חבֿר לעבֿן.

אויסריפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~געריפּעט.
1. שלעכט, גרילציק אויספּילן. א, אַ ניגון אויף אַ פֿידל. 2. אויסרײַסן, אויסדריבֿלען. א, די פֿראַנדזן (פֿרענדז). 3. אויסקילן (דורך עפֿענען טירן פֿענצטער). א, די שטובֿ.

,

אויסריפּעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסריפּען.

אויסריצן — טרוו. ריץ אויס, ~געריצט.
אויסקראַצן, אויסקריצן. אויסדראַפּען. א, אַן אויפֿשריפֿט.

אויסרירן — טרוו. ריר אויס, ~גערירט. רירן אַ צאָל זאַכן. אויסטאַפּן. „אַזעלכע לײדיקע הענט! זיי רירן אַלץ אויס„.

אויסרעגולירן — טרוו. ־ליר אויס, ~(גע)־
רעגולירט. אײַנשטעלן נאָרמעס, סדר, אָרדענונג אין אַ צאָל פֿאַלן אָדער אין ענדגילטיקער פֿאָרעם. א, באַציאונגען. א, אָבליגאַציעס.

אויסרעגיסטרירן — טרוו. ־ריר אויס, ~
רעגיסטרירט. 1. אײַנשרײַבן אין רשימה (רשימות) אַלדאָס נייטיקע. א, אַלע וויילערס.

2. אויסמעקן, אַרויסנעמען פֿון אַ רשימה.
אויסמעלדן. „פֿאַרן אַוועקפֿאָרן האָט מען
געדאַרפֿט קומען אין פּאָליציי און זיך א'“.
אויסרעגירן — אוטוו. ־יר אויס, ~רעגירט.
אויסקיניגן. אויסהערשן.
אויסרעגן — טרוו. רעג אויס, ~גערעגט.
(שטריקערײַ) אויסציִען, אויסבּרייטערן,
אויסשפּרייטן. „נאָכן אויסשטריקן פֿלעגט מען א,
אויף אַ הילצערנעם געשטעל מיט הילצערנע
נעגל אין אַלע זײַטן“ (זשאַגער, ליטע).
אויסרעגענען — רעגן אויס, ~גערעגנט.
אוטוו אַרויסגעבּן רעגן. אָנהייבּן אָדער
□-
פֿאַרענדיקן רעגענען. „אַ כמאַרע האָט
אויסגערעגנט, אַ צווייטע קומט אָן“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. טרון — אַרויסבּרענגען
עפּעס מיט אַ גאָס, אַזוי ווי אַ רעגן. א, קללות,
זידלערײַען אויף עמעצנס קאָפּ.
אויסרעדאַגירן, ~רעדאַקטירן — טרוו.
־גיר, ־טיר אויס; ~(גע)רעדאַגירט, ~(גע)־
רעדאַקטירט. בּיזן סוף, פֿולקום, אינגאַנצן
רעדאַגירן (רעדאַקטירן). „די יוגנטלעכע
מעמואַרן פֿון אַ יוגנטלעכן דיכטער וואָלט ליכט,
אין די עלטערע יאָרן, זיכער

אויסגערעדאַקטירט על צד היותר טובֿ“, נ. בּ. מינקאָוו

א□סרעדל — טרוו ־דל אויס, ~□עווען.

ען .

ערעדלט.

ל

ען. אויך: ~רעד

מיכל ליכט, װעלוול גאָטה].

אוקר: ~ריד

1. דורכפֿירן אַ ציינערדיק רעדל איבּער אַן אויסגעוועלגערטער מצה. א, מצה. 2. אונטערלייגן רעדלעך. א, אַ פּלאַטפֿאָרמע (צו פֿירן זעק מע□). 3. נעאָל. מיטן פֿינגער דרייען די ציפֿערן פֿון אַ טעלעפֿאָן מיט אויטאָמאַטישער פֿאַרבּינדונג. ״דער טעלעפֿאָן־נומער איז אַ ריכטיקער, אָבּער דו האָסט פֿאַלש אויסגערעדלט“.

אויסרעדן — [קורצע ע] טרוו. רעד אויס, ~גערעדט. פּד, אוקר. ← אויסריידן.

אויסרעדן זיך — ← דפֿוו. ← אויסריידן זיך.

אויסרעדעוודיק — אדי. ← אויסריידעוודיק.

אויסרעדעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). ← אויסריידעכץ.

אויסרעדעניש — דאָס (די), ־ן. ←
אויסריידעניש. צום בּ3: די בּאַרימטסטע א'ן זײַנען געווען בּײַ: 'ואני בּבֿואי מפּדן ארם', 'שמעון ולוי אחים', 'אמור אַל הכּהנים', אויך רשי פֿון 'אמור ואמרתּ'.. [קינדער אין חדר האָבּן בּדרך כּלל ליבּ געהאַט די א'ן, אָבּער זיי האָבּן געהאַט אויך שוועריקייטן בּײַ אַ לאַנג א'. פֿרגל: ממוס, קליינמענטשעלע, וואו עס ווערט דערציילט ועגן א, בּײַם פּסוק 'ויאמר למך לנשיו', ← אויסריידן בּ9]. ,,...חומש מיט א, — אָט דער זינגעוודיקער אויסטײַטש אין ייִדיש האָט אַרײַנגעגאָסן אין חומש דעם טעם פֿון געשמאַקן װײַן“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿריט ▫.טש.
אויסרעדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ גערעדערט. 1. אויספֿאָרן מיט רעדער. א, אַ וועג דורכן וואַלד. ,,מיט אַ וואָגן רעדערט מען אויס אויך שניי און מיט אַ שליטן בּלײַבּט מען אין מיטן“, בּעל־עגלהשער זאָג. 2. אויספּײַניקן אויף אַ ראָד. א, דעם גזלן אויף טויט.
אויסרעווידירן — טרוו. ־דיר אויס, ~(גע)־

רעווידירט. דורכפֿירן רעוויזיע אינגאַנצן, ביזן
סוף פֿולקום. א אַלע ביכער. א, די קאַסע

׳ ׳
יעדן אָוונט.
אויסרעווען — ־ווע אויס, ~געֿרעוועט. אוטוו
— מיטאַמאָל, פּלוצעם אָנהייבן רעווען. א, ווי
אַ חיה, ווי אַן אָקס. א, ווי אַן אָקס פֿאַר דער
שהיטה. טרוו — אויסדריקן עפּעס מיט אַ
רעווען. א, ווייטיק.
אויסרעוועניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסרעווען.
אויסרעזיגנירן — אוטוו, ־ניר אויס, ~
רעזיגנירט. אינגאַנצן, ענדגילטיק רעזיגנירן;
זיך אָפּזאָגן פֿון אַ צאָל אַמטן. א, פֿון אַלע
פּאָסטנס. א, אָן שום חרטה און זיך ניט לאָזן
איבעררעדן.
אויסרעזשיסירן —. טרוו. ־סיר אויס, ~(גע)־
רעזשיסירט. דורכפֿירן די אַרבעט פֿון
רעזשיסאָר אין אַלע פּרטים; זײַן דער רעזשיסאָר
פֿון אַ צאָל אויפֿפֿירונגען; פֿאַרענדיקן
רעזשיסירן. א, אַלע פּיעסעס פֿון דעם סעזאָן. ,,די
צערעמאָניע, אַזוי ווי ר, אַהרן האָט זי
אויסגערעזשיסירט אין חדר,,, ייִט, פּוילן II.
אויסרעזשען — טרוו. רעזשע אויס, ~

גערעזשעט. סל. 1. אויסשנײַדן. א, רויזעלעך פֿון
פּאַפּיר. 2. אויססרעזשען ←.
אויסרעטושירן — טרוו. ־שיר אויס, ~(גע)־
רעטושירט. אויספֿאַרריכטן קלײנע דעפֿעקטן
(פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿיע).
אויסרעכטונג — די, ־ען. אויך: ~
ראַכטונג. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויסרעכטן. 2־—4. ← אויסריכטונג בבֿ 2־—4־.
„א, [פֿון] אָרעמע מתים“, קמ, 35 1866, No. „אַז
עס שטאַרבט רחמנא ליצלן אַ בכּבֿודער מענטש
און עס איז ניט ▯ אויף א'“, ייִפֿאָל, 22 1881 X.
אויסרעכטן — טרוו. רעכט אויס, ~גערעכט.
פֿר, אוקר, מג. אויך: ~ראַכטן פֿר, מעג.
← אויסריכטן, אַלע בבֿ. „האָט דער פּריץ
אויסגערעכט דעם קנעכט... אויף דעם יריד“,
יפּ. „קומט די שלאַנג די זעלבּיקע נאַכט, זי
רעכט אָבער ניט אויס“ ▯ ← אויסריכטן, ב10],
פֿאווער, ספּורי הפֿלאות, וואַרשע 1844. *א,

אויסרעכענען

זיך אַ קריעה = אויך: אַרײַנפֿאַלן, זיך לאָזן
אָפּנאַרן. „...צושיקן אַ כּשרע מציאה, אַ גוי
מיט געלט, ער זאָל זיך א, אַ קריעה„,

טעיאַטאָר.
אויסרעכטן זיך — ← דפֿוו. אויך: ~ראַכטן זיך. ← אויסריכטן זיך.
אויסרעכטעווען — טרוו. ־טעווע אויס, ~גערעכטעוועט. פֿר, אוקר, מג. 1. אויסריכטעווען. „אַלע קהלס־לײַט און זייערע גבאים... אויף זיי זײַנען אַלע בּרכות אויסגעסדרט און אויסגערעכטעוועט„, יפֿ. „בּאַלד נאָך שבּת האָט נאָטע אויסגערעכטעוועט זײַן גרויסן גאַניק“, מעצקער, זיידנם פֿעלדער. 2. אויפֿשטעלן אויף אַ ריכטיקן, יושרדיקן אופֿן. „השי״ת רעכטוויט אויס דעם גבֿול פֿין איין אַלמנה“, מס, משלי תּקע״ד, טו, 25.
אויסרעכטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסרעכטן (זיך). ← אויסריכטעניש.
אויסרעכנדלעך — אַדי. נעאָל. סטוטש. וואָס מע קען אויסרעכענען. א'ע בּאַוועגונג, ריי.
אויסרעכענונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסרעכענען. „דער האַנדל איז בּײַ רפֿאלן געגאַנגען נאָך אַ פּינקטלעכער א, [פֿון] אַלצדינג פֿריִער„, ממוס, ווינטשפֿ. 2. חשבּון. מלל פֿאַרטײַטשט „כּי אין מעשׂה וחשבּון, (קהלת ט, 10): „אויש רעכנונג“ און תּי אויך: א'. 3. כּוונה, מיין.

,,אדרבא, מיר האָבן דווקא יאָ... אַן א', מיר
כאַפּן זיך און יאָגן זיך טאַקע, ווײַל מיר
האָבן שטענדיק אַ באַהאַלטענעם מיין‟, ממוס,
שטורעטצײַט.

אויסרעכעניש — דאָס (די), ־ן.
אויסרעכענונג. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון
אויסרעכענען (זיך). (אויך מיט איר בײַטעם).

אויסרעכענעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (לאָזט זיך) אויסרעכענען. ,,איז דאָס
ייִדישע פֿאָלק אַ מאַשין מיט אַ מאַטעמאַטיש
א'ער אויפֿטוערישקייט?,,, □ורדכי שעכטער,
אויפֿן שוועל פֿעב, 1954.

,

אויסרעכענען — טרוו. רעכן אויס, ~
גערעכנט. אויך: ~ראַכענען, פּר, מעג. 1.
רעכענען ביזן סוף. מאַכן פֿולן, גאַנצן חשבון.
גוט, ריכטיק (פֿאַלש, שלעכט) א'. א, אויפֿן
אונץ. א, מיט דער פּינקטלעכקייט פֿון אַ
טויזנטל. ,,ער האָט אויסגערעכנט עפּעס אַ
פֿינף מיליאָן... ווערליק איך פֿאַרשטיי, דאַרף
זײַן נאָך מער‟, ממוס, שטורעמצײַט. ,,נישט
אין שטאַנד אויסצורעכענען וויפֿל ייִדישע הענט
עס האָבן זיי אַרויסגעצויגן און אַרײַנגעפֿירט
— פֿון פּויערס אָבאָרע אין בראָטפֿאַן,,, פּרץ,

'דער נשׂרף'. „עס שטייט אין ספֿר יצירה אַז
זיבּן שטיינער בּויען פֿינף טויזנט מיט,
פֿערציק הײַזער, פֿון דאַנען און ווײַטער גיי און

,

רעכן אויס“, תּניא, 221. *א, אויפֿן אויג =
אָפּשאַצן לויט דער אויגנמאָס.
2. אויסדערציילן און איבּערגעבּן פּרטים.
„און די שווערד האָט דרײַ כּוחות... און ער
האָט אויסגערעכנט די דרײַ כּוחות וואָס אויבּן
איז געשטאַנען...“, נחבּ, 'מעשׂה בּבעל־תּפֿילה,.
„א אַלץ בּיז אויף אַ האָר וואָלט די מעשׂה

,

ציִען זיך אַ יאָר“, ממוט, יודל. *א, דעם יחוס
= איבּערגעבּן אַלע פּרטים וועגן דער חשובֿער
משפּחה פֿון וועלכער מע שטאַמט; איר

דעראויסרעכענען זיך

ציילן וועגן נידעריקן אָפּשטאַם אָדער וועגן
שלעכטע מעשׂים פֿון עמעצן. „זי העט מיר
דאָ נאָך צען מאָל איר יחוס אויסגערעכנט“,
עט, סערקעלע.
3. אָנרופֿן (אַ צאָל, אַלע) געמען, זאַכן פֿון

אַ באַשטימטער ריי, גרופּע. "וויבאַלד עס
פּעלט איינס פון דעם אַלעם וואָס איז דאָ
אויסגערעכנט — איז אָסור", לט2, 2/60. „אַז
איר זאָגט דרוקן, גייט זשע ווײַטער און
רעכנט אויס נאָך און נאָך מלאָכות וואָס אַ
ייִדישער מחבר האָט צו טאָן„, ממוס, שלמה.
„ראָש השנה, נאָכן יהי־רצון פון תּקיעת־שופּר,
וואו עס ווערן אויסגערעכנט די מלאָכים
היוצאים מן השופּר„, לדבֿ. *א, עמעצן אַ צעטל,
*א, וואָס אין (דער בייזער) קאָרט שטייט =
א, זינד, עוולות, שלעכטע מעשׂים אָדער
אומגליקן, אָנשיקענישן.
4. אויספּלאַנירן; האָבן אין זינען, נעמען
אין באַטראַכט; פּאָרויסזען. אַ מענטש קען
דען א'? „גוט אויסגערעכנט און טיף
אַרײַנגעפּאַלן", פּוול. „וואָלט נאָך דאָס כאַפּעניש זיך
גענומען דערפון וואָס מיר רעכענען ניט אויס
אַפּריִ ר — וואָלט נאָך געוועז צו
דערלײַדן", ממוס, שטורעמצײַט. „אויסגערעכנט
האָבן זיי אַהיימצוקומען צו דער מאַמע
פּונקט צום סדר, אָנגעקומען זענען זיי פּונקט
צו איר לוויה„, אַש, תּהילים־ייִד.
אויסרעכענען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
1. באַרעכענען וויפּל עס קומט און באַצאָלן.

זיך א, מיט עמעצן ביז אַ גראָשן. 2. קומען
צו אַ קעגנזײַטיקן הסכּם וויפֿל עס קומט.
,,זיך אויסגערעכנט איז האַלבּ באַצאָלט'', ש▯ו.
3. זײַן בּאַרעכנט אין אויסגעבּן געלט,
אויספּלאַנירן די הוצאה. זיך א, וויפֿל אויסצוגעבּן
אויף קליידער, אויף דער חתונה אאַזוו.
4. דורכרעדן זיך וועגן שײַכותן, בּאַציאונגען.
,,מיר זאָלן וועלן זיך גוט א,, זענען מיר
דאַך מיט אים שטיקלעך אייגענע גאָר'', שע.
אויסרעמאָנטירן — טרוו. ־טיר אויס,
~(גע)רעמאָנטירט. אינגאַנצן דורכפֿירן
רעמאָנט(ן). א, די דרײַ צימערן, דאָס הויז.
אויסרעמ(ל)ען — טרוו. רעם(־מל) אויס;
~גערעמ(ל)ט. אַרײַננעמען, אַרײַנשטעלן אין
רעמל(עך). א, די פּאָטאָגראַפֿיעס און זיי
אויפֿהענגען.
אויסרענגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויס,
זיך ~גערענגלט. אויסדרייען זיך, אויסציִען
זיך (נאָכן שלאָפֿן). ,,זי האָט זיך פֿויל
אויסגערענגלט אַזוי ווי אַ קעצל און איז גיך
אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט'', שושנה פּאַר־,

,

.19 ▯ 1958
אויסרענטן — טרוו. רענט אויס, ~גערענט.

אַמ. to rent < . פֿאַרדינגען. „די דאָזיקע
פֿירמע רענט אויס נישט בלויז ים־פֿייגל פֿאַר
אַ סומע פֿון צוויי טויזנט דאָלאַר...„, ל.
סענדערס, טמז, 1 1958 II.
אויסרעפּאַרירן — טרוו. ־ריר אויס, ~
רעפּאַרירט. אויספֿאַרריכטן. א, אינסטרומענטן,
מאַשינען.
אויסרעפּעטירן — טרוו. ־טיר אויס, (גע)־
רעפּעטירט פֿאַרענדיקן רעפּעטירן;
אײַנלער.
נען ראָל(ע) אינגאַנצן, פֿולקום. א, אַ ראָל(ע),

61

אַ פֿאָרשטעלונג. א, באַגריסונגען פֿון די
תּלמידים.
אויסרעסאָרמירן — טרוו. ־מיר אויס
~(גע)רעפֿאָרמירט. אינגאַנצן, דורכויס
רעפֿאָרמירן; בײַטן פֿאַרבעסערן שײַכותן,
באַ,
ציאונגען. א, דעם דעפּאַרטאַמענט, אַפּאַראַט.
א, די געזעצן וועגן ציווילע אַקטן.
אויסרעפֿטלען — [לאַנגע ע] טרוו. ־טל אויס,

~גערעפֿטלט. אויך: ~ריפֿטלען. [אין לד
נבֿ]. אויסשנײַדן רעפֿטלעך פֿון אַ לאַבן ברויט.
א אַ פֿאָר המוציאס.
׳
אויסרעציטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
רעציטירט. רעציטירן אינגאַנצן אָדער אַ צאָל
(פֿאָעמעס, אויסצוגן). א, אויף אויסנווייניק
ציון־לידער.
אויסרעצענזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~(גע)־
רעצענזירט פֿאַרענדיקן רעצענזירן אָדער
דע.
צענזירן אַ צאָל. א, אַלע ביכער פֿון אַ
שרײַבער.
אויסרעקאָמענדירן — טרוו. ־דיר אויס,
~(גע)רעקאָמענדירט פֿולקום, פֿון
פֿאַרשיי.
דענע זײַטן, רעקאָמענדירן. א, עמעצן פֿאַר אַ
פֿאָסטן.
אויסרעקאָדדירן — טרוו. ־דיר אויס, ~
רעקאָרדירט. רעקאָרדירן אינגאַנצן אָדער אַ
צאָל (לידער, שמועסן, רעדעס אאַ). א, אַ
ראַדיאָ־פּראָגראַם.
אויסרעקוויזירן — טרוו. ־זיר אויס, ~
רעקוויזירט. רעקוויזירן ביזן סוף, אַ סך זאַכן,

אַלץ. א, סחורות פֿון קראָמען.
אויסרעקלאַמירן — טרוו. ־מיר אויס,
~(גע)רעקלאַמירט. קומט אָפּט מיט ז י ך.
1. שטאַרק, רעקלאַמירן, מפֿרסם זײַן. א,
אַ נײַע מאַשין, אַ טעאַטער, אַ בוך. 2. (
סוחריש) פֿאָדערן צוריק סחורה וואָס מע האָט
געגעבן צו טראַנספּאָרטירן. א, אַ וואַגאָן
תּבֿואה איידער מע האָט אים אָפּגעשיקט.
3. מיט ז י ך. באַפֿרײַען זיך פֿון אַרבעט.
(טשענסטאָכאָווער געטאָ, בלום).
אויסרעקרוטירן — טרוו. ־טיר אויס, ~(גע)־
רעקרוטירט. אַרײַננעמען אין אַרמיי אָדער אין
אָרגאַניזירטער גרופּע וויפֿל עס איז נייטיק.
א אַלע געזונטע צוואַנציק־יאָריקע. א, די
באַ,
קאָנטע אין דער פּאַרטיי, אין פֿאַראיין.
אויסרעשטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~גערעשטעוועט. אויסשלאָגן מיט ברעטער.
א, די שטאַל, די בהמות זאָלן ניט פֿרירן.
אויסרעשן — [...ראַ'אַשן] רעש אויס, ~
גערעשט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן צו רעשן,
טומלען. „דער שטילער עולם האָט
אויסגערעשט און גענומען פּראָטעסטירן“. טרוו —
מיט רעש, טומלערײַ, עפּעס אויסדריקן. א,

אומצופֿרידנקייט, באַגײַסטערונג אע.

יסרעשן זיך — ← דפֿוו. אויסטומלען זיך.

אויסרצהנען — [...ראַ'צכענען] טרוו. רצחן [ראַ'צכן] אויס, ~גערצחנט. אויסמערדערן, אויסהורגן. א, די גאַנצע משפּחה, אַ שטאָט מיט ייִדן.

אויסשאָבונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿרן אריסשאָבן. 2. פֿאָרעם פֿוו קינסטלעכן אַבאָרט.

אויסשאָבן — טרוו. שאָב אויס, ~געשאָבן, ~געשאָבט. 1. אויסקראַצן, אויסרייניקן מיט

אויסשאַלאַפּאַיען זיך

אַ שאַרפֿן (אָדער טעמפּן) מכשיר; אויססקראָבען, אויסשקראָבען. א, אַ מולטער, אַ פֿאַן. *א, עמעצן די קישקעס = א) שטאַרק אויסזידלען; ב) שלאָגן איבערן בויך. *עס שאָבט מיר אויס די קישקעס = איך האָב זייער אַ לויזן מאָגן. 2. רײַבן מיט אַ מעסער אַ פּרי, אָדער אַ גרינס, כּדי אַרויסצוקריגן דאָס אינעווייניקסטע אין אַ ווייכערער פֿאָרעם. א, אַ רעטעך. „די באָבע האָט ניט קיין ציין, שאָבט זי אויס אַ צעשניטענעם עפּל און עסט די

אויסשאָבעכץ“. „וואָלט אַ קרענק פֿון זײַן פּנים דאָס פֿלייש [ניט] אויסגעשאָבן, וואָלט ער אַזוי מיאוס נישט געווען“, חג, פּליטים. [מע פֿלעגט א, בולבעס צו מאַכן געבעקסן און געקעכטסן, ווײַל בײַם א, גייט ווייניקער אין ניוועץ ווי בײַם אָפּשיילן]. 3. דורכפֿירו קינסטלעכן אַבאָרט אין די ערשטע חדשים פֿון שוואַנגערשאַפֿט.

אויסשאָבעכץ — דאָס (ד□), ־ן (־ער). פּראָדוקט פֿון אויסשאָבן, ב2. „...און בשעת מעשׂה אַרײַנגעפּאַקט אין מויל אַרײַן אַ פֿולן לעפֿל א'“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

אויסשאָבער — דער, ־ס. שאַרפֿער מכשיר, געניצט בײַם גראַווירן צו פֿאַרטיפֿן און אויסברייטערן שוין געמאַכטע אײַנקריצונגען.

אויסשאַטאַיען זיך — אוטוו. ־טאַיע זיך אויס, זיך ~געשאַטאַיעט. רוסיצ. אַרומשלעפּן זיך; אויסזײַן אין אַ צאָל ערטער אָן אַ ציל, אָן אַ תּכלית. א, זיך אין אַלע שענקען. א, זיך איבער די גאַסן.

אויסשאַטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע) שאַטירט. מאַכן שאַטירונגען; בולטער מאַכן אַ בילד, צייכענונג, מיט צוגאָב־שטריכן.

אויסשאַטן — אוטוו, אומפּ. עס שאַט אויס,

~געשאַט. דזוו שאַטן, בּרענגען שאָדן, נאָר
עמפֿאַטישער פֿטמ. „מעגסט עס טאָן, עס וועט
.
דיר גאָרניט א'".
אויסשאַטקעווען — דזוו אויסשעטקעווען ←.
אויסשאַכטלען — טרוו. ־טל אויס, ~
געשאַכטלט. אײַנפּאַקן, אויסטיילן אין שאַכטלען.
א, סחורה און אַוועקשיקן.
אויסשאַכ(ע)רײַען — טרוו. ־רײַע אויס,
~געשאַכ(ע)רײַעט. אויסנאַרן, אויסשווינדלען.
אַרויסקריגן עפּעס פֿאַר זיך מי▯ו פֿאַלשקייט.
א, געלט, א, דעם ערלעכן. „ארץ־ישׂראל־ייִדן
שאַכרײַען בײַ אים אויס דעם לעצטן...
פּיאַטאַק", ייִל, דער מטאַטעק II, אַדעס 1876.
אויסשאַכערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשאַכערט. אויסהאַנדלען, אויסקויפֿן אויף אַ
ניטערלעכן אופֿן. "זיי... שפּעקולירן... זיי וועלן
דערבּײַ ניט פֿאַרלירן... זיי שאַכערן אויס בּײַ
די מתים די מיטגעגעבּענע טליתים", עט,
לידער.
אויסשאָכערן — ← אויסשחורן.
אויסשאַכרעווען — טרוו. ־רעווע אויס,
~געשאַכרעוועט. דזוו אויסשאַכערן, נאָר
עמפֿאַטישער אָדער געדויערדיק, פֿילמאָליק.

בּיסלעכוויַז א, אַ פֿאַרמעגן.
אויסשאַלאַפּאַיען זיך — אוטוו. ־פּאַיע זיך
אויס, זיך ~(גע)שאלאַפּאַיעט. רוסיצ.
אַרומשלעפּן זיך (אַ לענגערע צײַט) פּוסט־און־פּאַס
און אויפֿהערן. גאָרנישט טאָן, א, זיך אַ פּאָר
יאָר און דערנאָך ערשט זיך נעמען צו עפּעס.

אויסשאַלבּירן

אויסשאַלבּירן — טרוו. ־יר אויס, ~
געשאַלבּירט. פּאָד. זן. אויסנאַרן, אַרויסקריגן מיט
פֿאַלשקייט.
אויסשאַלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסשאַלן.
אויסשאַליעווען — טרוו. ־ליעווע אויס,
~געשאַליעוועט. אויסקלאַפּן מיט ברעטער
(אַ וואַנט), מאַכן אַ פּאַנעל. א, די ווענט פֿון
זאַל, סאַליע.
אויסשאַלן — שאַל אויס, ~געשאַלט. אוטוו
— פלוצעם, מיטאַמאָל אַרויסבּרענגען
הילכיקן קלאַנג (פֿון פֿרייד, נצחון אע). קאַנאָנען,
טרומפּייטן, צימבּלען שאַלן אויס. טרוו —
1. דורך הילכיקע (פֿריידיקע) קלאַנגען עפּעס
אויסדריקן. „דעם זיג פֿון שקר שאַלן אויס

די גלעקער,,, צײַט, 'דאָס יאָר 1492'. ,,בּיסט
געקומען אויסצושאַלן רוף צום ווײַטן, ווײַטן
בּרודער,,, לאַפּין, 'דער גאַסט,. 2. (לאָקל,
קורלאַנד) עלימינירן, לאָמיר די פֿראַגע א'.
,,זיי זאָלן זיי פֿון דער וועלט א'“, ל.
קוסמאַן, נאַרנבּונד.
אויסשאָלעכצן
— טרוו עכץ אויס, ~
געלן
. באַפֿרײַען פֿון
- .
שאָלעכצט. אויך: ~שאָ
שאָלעכץ. א, ניס, מאַנדלען.
אויסשאַלעמיי(ד)זשען — טרוו. ־(ד)זשע
אויס, ~(גע)שאַלעמיי(ד)זשעט. דזוו
אויססאַלעמיידזשען ←.
אויסשאַמירן — דזוו אויסשימערירן. פֿטמ.
,,די ווענט [פֿון מקום ◌ משפּט אויפֿן הימל]
זענען אויסשאַמירט מיט בּערליאַנטן, דאָס די
זון און די לבֿנה זענען טונקל קעגן דעם
לעכטיקייט“, יעקבֿ מאָרגענשטערן, מעסtה משני
שותּפֿים, וואַרשע 1894.
אויסשאַנטאַזשירן —. טרוו. ־יר אויס,
~(גע)שאַנטאַזשירט. אַרויסקריגן עפּעס דורך

שאַנטאַזש, בלבול, סטראַשונקעס. א, געלט, צאָלונגען.
אויסשאַנעווען — טרוו. ־נעווע אויס, ~ געשאַנעוועט. ביזן סוף שאַנעווען, אָפּהיטן, אויסהיטן. שאַנעווען אַ צאָל. „די מגפֿה האָט אויסגעשאַנעוועט מײַנע קינדער“.
אויסשאָס — דער, ־ן. פּלוצעמדיקער שאָס. אַקט פֿון אויסשיסן. אַ הילכיקער א, אין מיטן נאַכט.
אויסשאַסטען — טרוו. ־טע אויס, ~ געשאַסטעט. אויסגעבן, צעפּטרן (געלט) אויף עפּעס וואָס איז ניט ווערט. א, שווער פֿאַרהאָרעוועט געלט אויף שמאָכטעלײַען.

□

אויסשאַסן — טרוו. שאַף אויס, ~געשאַפֿן (אויך: ~געשאַפֿט). 1 פֿאַרענדיקן שאַפֿן.
.
שאַפֿן אַ צאָל זאַכן. „מע האָט אויסגעשאַפֿן צענדלינגער סטאַטועס פֿון לינקאָלן“. 2. אָפּשאַפֿן, אָפּזאָגן. אונגיי. „עס איז באַשלאָסן...דעם סופֿר אויסצושאַפֿן“, עמוד היראה, אונגוואַר 18□7.

אויסשאַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרומשיקן עמעצן (מיט פֿאַרשיידענע) שליחותן;
אויסניצן פֿאַר אַרבעטן פֿאַר אייגענע צילן.

,
„זאָלסט זיך מער מיט מיר ניט א', איך בין
דיר ניט קיין משרת".
אויסשאַצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשאַצן.

362

אויסשאַצן — טרוו. שאַץ אויס, ~געשאַצט.
(אָפּ)שאַצן העכער (אָדער נידעריקער) וויפֿל
עס איז ווערט; איבערשאַצן אָדער
אונטערשאַצן. לעצטגילטיק אָנווײַזן ווערט. „אין וויפֿל
האָסטו אויסגעשאַצט די אַלטע מנורה?".
אויסשאָקירן — טרוו. ־קיר אויס, ~(גע)־
שאָקירט. אַרויסרופֿן פּלוצעמדיק און שטאַרק
געפֿיל פֿון אויפֿרעגונג איבער עפּעס וואָס מע
באַטראַכט אַז עס איז ניט גוט. א אַלעמען

׳
מיט חוצפהדיקע רייד, מיט ווילדער אויפֿפֿירונג.

אויסשאָקלען טרוו. ־קל אויס, ~ געשאָקלט. 1. באַפֿרײַען פֿון עפּעס דורך שאָקלען; אויסטרייסלען. א, זאַמד פֿון די שיך. *א, זאַמד פֿון אַרבל = אָנהייבן אַרבעטן גיכער, אָנגעשטרענגטער. „חבֿרה, שאָקלט אויס זאַמד פֿון אַרבל און זעט פֿאַרענדיקן ד
אַרי
בעט ביז מיטאָג“. *א, עמעצן (אַלעמען) פֿון אַרבל = אַריבערשטײַגן, איבערוועגן אין קוואַליטעט. „האָבן זיי אַ שלום־עליכם? און אַש שאָקלט אַלעמען אויס פֿון אַרבל“, אָפּאַ, היברו. *א אַן אָרט (שטעטל, גאַס, געגנט)

׳
פֿאַר עמעצן = זוכן און ניט געפֿינען. „שבת בײַטאָג קען מען דאָס גאַנצע שטעטל א, פֿאַר איין יונג, די גאַסן זײַנען לער“, ווײַס, אַ שטעטל.

2. בכלל באַפֿרײַען, באַזײַטיקן, אויסרייניקן. „די רשעים וועלן אויסגעשאָקלט ווערן פֿון דער וועלט און גאָט וועט ברענגען משיח קיין ירושלים“, מלרה, סז/ב. „דײַן

מלוכה וועט דערהויבן ווערן, אַז דו וועסט
ענדיקן א, די רשעים פֿון דער וועלט", מחזור,
חלק בּ, יוצר ליו,,כּ, פּפּמ, 1885. ,,ווער
אויסגעשאָקלט פֿון דעם אַש וואָס דו ביסט בּיז
אַהער געזעסן אין אים פֿון וועגן דאָס
טראָווערן וואָס דו האָסט געטראָווערט", ישעיה,
פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג, 1885. "פּרײַע
קאָנקורענץ — די זיפּ וואָס וועט... א, הונדערט
מיליאָן אַרבּעטער און עטלעכע... פֿאַבּריקאַנטן,,,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען. *א, די בּעבּעכעס
= אויסזוכן, אויסגעפֿינען קאָנטראַבּאַנד אָדער
געגנבֿעטע זאַכן. ,,בּײַ ר, נחמן כּשר
אויסגעשאָקלט די בּעבּעכעס...מיט שפּירהינט",
בּימקאָ, גנבֿים. 3. אַרײַנוואַרפֿן. ,,די שווערע משׂא
פֿון זייערע זינד זאָלסטו א, אין טיפֿן ים",
מחזור קרבּן אַהרן, יוה"כּ, ווילנע תּרכ"ח.
אויסשאָקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסשאָקלען.
אויסשאָרוועו — טרוו. ־ווע אויס, ~
געשאָרוועט. פּד. אויך: ~שאָרעווען.
אויסרייניקן, אויסרײַבּן. ,,נעכטן איז אַ
שלאַקסרעגן געגאַנגען און דאָס האָט דאָס וואַסער
אַזוי אויסגעשאָרוועט", ווײַס, 'קליינע
שטעטלעך'.

אויסשאַרייען, ־ריען, ־ר ען — אוטוו,
-
דריטפּערזאָניק. געוויינטלעך אומפּ. עס ־ײַעט, ־ריעט, ־ריִעט אויס, ~געשאַרײַעט, ~ געשאַריעט, ~געשאַריִעט. פּד. אָנהייבן גרוי ווערן (נאָר וועגן ערשטן ליכט פֿון טאָג). עס שאַריִעט אויס אויף (פֿאַר)טאָג. דער פֿאַרטאָג שאַריִעט אויס.

אויסשאָרכען — אוטוו. ־כע אויס, ~ געשאָרכעט. ← ~שורשען. אָנהייבן שאָרכען,

אויסשדכנען

שאָרשקען. דאָס זײַדענע קלייד שאָרכעט אויס בײַם גיין.

אויסשאַרלאַטאַנעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~(גע)שאַרלאַטאַנעוועט. 1. שווינדלעריש אַרויסקריגן עפּעס. א, געלט פֿון עמעצן. 2. אויסבּרענגען לײַכטזיניק און אויף שלעכטע זאַכן. א, דעם פֿאָטערס פֿאַרדינסטן פֿאַרמעגן.

,

אויסשאַרן — טרוו. שאַר אויס, ~געשאַרט. 1. אויסרייניקן מיט הענט אָדער מכשיר, אַוועקרוקנדיק אין אַ זײַט. א אַש פֿון אויוון.

,
2. צעשפּרייטן דורך שאַרן, רוקן, שטופּן. א, די קוילן, דעם זשאַר איבערן גאַנצן אויוון.
3. אַרויסקריגן דורך שאַרן, אַרויסשאַרן. א, דעם זאַמד אויף דער פּאָדלאָגע. „אַז דיר פֿון דער שיסל איין שטיק בלײַבן שטעקן, דו האשט זיא אויש גישאַרט“, עיון, 1/22. „ געגישטערט האָבן פֿרעמדע הענט און אויסגעשאַרט פֿון דײַנע קוילן דעם וואונדערשטיין, פֿון דיר פֿאַרהוילן“, יהואָש, ,פֿון די אַשן,.
4. מאַכן עפּעס דורך שאַרן. „שאַרט אויס אויף דער צווייטער בייט מיט דער זעלבער גראַבליע רינעס“, אַכ. 5. אויסזוכן. א, (אין)
ו
אַלע ווינקעלעך.
אויסשאַרפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~ געשאַרפּעט. פּד. אויספֿליקן, אויסטאָרען, אויסדײַסן. א, שטיקער פֿון עפּעס.
אויסשאַרסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשאַרפֿן. דרייזין.

אויסשאַרפֿן — טרוו. שאַרף אויס, ~ געשאַרפֿט. 1. מאַכן אינגאַנצן שאַרף. א אַ
,

מעסער. א, די קאַנטן פֿון אַ שטיק אײַזן.
,,די זאַנדאַרמעס...זאָלן א, זייערע שווערדן“,
אמד, שבֿתי צבֿי, ווילנע 1884. 2. מאַכן מע
זאָל גיכער, טיפֿער אויפֿנעמען. ,,חשבֿונען איז
אויך אַ גוט▯ זאַך. מאַטעמאַטיקע שאַרפֿט אויס
דעם מוח“, ש▯נ, פֿונעט יאַריד II. ,,חסידות
שאַרפֿט אויס גוט די כּלי־השׂכל אַז מע
פֿאַרשטייט אַ מין שׂכלי ריין, קלאָר“, לדבֿ.
מיט זיך = ווערן גײַסטיק שאַרפֿער, זיך
אויסלערנען גיך באַנעמען.

▯

אויסשאַרסעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשאַרפֿן.
אויסשאָרקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געשאָרקעט. אויסקראָבען, אויסרײַבן מיט אַ
גרילציקן קלאַנג. א, די פֿאַן, דעם טאָפּ.
אויסשאָרשקען — דזוו אויסשורשען ←.
אויסשבֿרן — [...שאַ'בֿערן] טרוו. שבֿר אויס,
~געשבֿרט. (גנבֿים־לשון). אַרײַנבֿרעכן זיך
און אַרויסגנבֿענען. א, אַלץ וואָס מע געפֿינט.
אויסשגצן — ← אויסשייגעצן.

אויסשדכנען — [...שאַ'דכענען] טרוו. שדכן
אויס, ~געשדכנט. 1. אויספֿירן אַ שידוך
ווי אַ פֿאַרמיטלער, געוויינטלעך צוליבֿ פּרנסה;
פּאָר□.יגן די עלטערן פֿון דעם בחור אַ כּלה
אָדער (די עלטערן פֿון דער מיידל) אַ חתן
און דורכפֿירן אַ שידוך. א, דעם גבֿירס
טעכטער; א, די גוטע בחורים פֿון דער ישיבֿה.
,,דאָס פּאָרפֿאָלק האָבן זיך אַליין
אויסגעשדכנט“, קמ, 2 .11 1867, No. אויספּאָרן;
אויספֿירן עפּעס אַ פֿאַרבינדונג צווישן מענטשן,
אידייען. (אָפּט איר) א אַז די צדדים זאָלן זיך
,

איבערבעטן. א, מאַרקסיזם מיט ציוניזם.

אויסשוואַכן

אויסשוואַכן — טרוו. שוואַך אויס, ~
געשוואַכט. מאַ□ן אינגאַנצן שוואַך. ,,דו ווייסט
ניט ווי דער שאַרבן ווערט מיר
אויסגעשוואַכט, וו אַזוי מע ציט אַרויס ס'ביסל
,
חיונה פֿון דעם כּזית לאַנד“, טמז, 5 1953 □I.

אויסשוואַרצן — טרוו. שוואַרץ אויס, ~
געשוואַרצט. 1. מאַכן שוואַרץ (אינגאַנצן, אַ צאָל זאַכן). א אַ טאָוול. א, פּאָליצעס.
,
2. אַרויסשטעלן ווי שלעכט, שוואַרץ, אין עמעצנס אויגן. א, דעם קאָנקורענט אין די אויגן פֿון קונים.
אויסשוויבלען — אוטוו. דריטפּערזאָניק. עס שוויבלט אויס, אויסגעשוויבלט. זײַן אין אַ גרויסער צאָל און זיך ראָיען, שווינדלען פֿאַר די אויגן. מוראַשקעס פֿליגן, ווערעם שוויבלען
,
אויס. נײַע געדאַנקען שוויבלען אויס אין מוח.
אויסשוויטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~
געשוויטשעט. פּד. אוקר. סל. אויסמענטשלען, אויסבילדן; אויססוויטשען. „זיי זעען פֿאַר זיך אַ וועלט, שוויטשען זיך אויס, געוואוינען זיך צו לעבן בתּכלית“, ארז, קמ, 28 1863, No.
“די שמשׂטעס האָבן אים אַ ביסל
אויסגעשוויטשעט, ער האָט שוין געוואוסט אַ סך זאַכן אין שטאָט“, ייִל, קמ, 27 1867, No.
אויסשווײַגן — טרוו. שווײַג אויס, ~
געשוויגן. 1. עפּעס אויסדריקן דורך שווײַגן.
„נעם איך רופֿן אַ געפּלעפּטער מײַנע

ווערטער... העלפֿט מיר א, דאָס גליק צו שטיין
וואו ס'איז געשטאַנען ישעיה“, הל, 'אויף
דײַן ערד, ירושלים'. „מיר שווײַגן אויס בײַ
זײַן [ראָלניקס] קבֿר די לעצטע סטראָפֿע...
'ס'ווילט זיך שרײַבן ליכטיקע לידער'“,
מאַנגער, וועקער, 1 X 1955. „...האָבן געוואָלט
עפּעס זאָגן, אָבער זיי האָבן עס טיפֿער
אויסגעשוויגן, אויסגעשוויגן ביז צום לעצטן
טראָפּן“, נאד. “די גאַס... אויף צוועלף
לשונות און אַקצענטן שווײַגט זי אויס איר
גלײַכגילט צו געפֿאַר“, לע, בײַס פֿוס פֿון באַרג.
2. עפּעס דערדריקן דורך שווײַגן. “די
זעלמעניאַנער האָבן באַשלאָסן א, דאָס בייז„,
קולבאַק, זעלמעניאַנעך II. „איך בעט דיך, שענק
מיר נאָר כּוח אויסצושווײַגן שטיל דעם
צער“, אַנאַ באָגין, צוק, 1958, II ‑III—‑ .
3. עפּעס דערגרייכן, אויפֿטאָן דורך שווײַגן.
„שווײַג, שווײַג, האָט ער אים געזאָגט, וועסט
סוף־כּל־סוף א, אַ שיין לעבן„, בערג, אָפּגאַנג.
אויסשווײַגעניש — דאָס (די), ־ן. געד
יערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשווײַגן. „וואָס זײַט
איר אַלע געבליבן אָן לשון? וואָס איז דאָ,
א פֿאַרמעסט אין א'?„ רייד. אויך. ־גע ,ן.

— —

.

אויסשווייסן — טרוו. שווייס אויס, ~
געשווייסט. אינגאַנצן צונויפֿשמעלצן שטיקער
מעטאַל מיט זייער אַ הייס פֿײַער. א, רערן,
רעלסן.

▯

אויסשווייסן — טרוו. שווייף אויס, ~
געשווייפֿט. (סטאָליערײַ, סטעלמאַכערײַ).
אויסבייגן, אויסרונדיקן; מאַכן קרום אָדער
קײַלעכדיק. א, מיט די הענט, מיט אַ שווייף־זעגל
אַ לײַסטל, אַ ברעטל. „בײַם א, פֿון גאַנצע
ברעטער באַקומט זיך אַ סך שטאַרץ„, בער.
אויסשווימען — שווים אויס, בין ~
געשוואומען [לד, אוקר ס'רובֿ ה אָ ב]. אַקוזוו —
שווימען דורך אַ צאָל ערטער. „דער הונט איז

אויסגעשוואומען עטלעכע קרײַזן“, אָפּאַ,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. „מײַן זעל... האָט...
מיט אַלע שטערן אין דער נאַכט גאָטס הימלען
אויסגעשוואומען“, הר, אין שענסטן טאָג פֿון
האַרבסט. אוטוו — אַרויסשווימען. „בלוטיק

איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערן־בלאַס
איז אויסגעשוואומען די לבֿנה״, פּרץ, 'אויף
אַ זומער־וואוינונג'.
אויסשווינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~
געשווינדלט. 1. אויסנאַרן, אַרויסקריגן דורך
שווינדל. א, געלט, פּאַפּירן פֿון עמעצן. 2.
מעטאָנימיש — אויסדרשענען מיט פּשטלעך. „דער
מגיד האָט אויסגעשווינדלט פֿון 'שיר־השירים,
אַן די שכינה האָט גאָרניט וואָס צו טאָן, נאָר
זי באַרימט זיך מיט די כּנסת־ישׂראל״,
יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
אויסשווינדלעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויסשווינדלען. פֿאַר אַזאַ א, האָט ער
טײַער באַצאָלט.
אויסשווינדלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שווינדלט אויס. „דו ציגײַנערקע, דו
א'קע, דו גנבֿעסט צו פֿון אונטער די נעגל״.
אויסשווינדלערײַ — ־ען. 1. דאָס —
טואונג, אייגנשאַפֿט פֿון אַן אויסשווינדלער.
קונציקער שווינדל. 2. די — אָרט וואו מע
שווינדלט אויס. „אַ וואַרשטאַט איז בײַ אײַך?
אַן א, איז בײַ אײַך!״. „אַן אָריענטאַלישער
באַזאַר איז אַלעמאָל אַן א'״.
אויסשווינדלעריש — אַדי. אויסנאַרעריש,

אויסדרייעריש, וואָס איז ווי בײַ (איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן אויסשווינדלער.

אויסשווינדלערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסשווינדלעריש. ראַפֿינירטע א..

אויסשוו(י)ענטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~געשוו(י)ענטשעט. סל. אויסהייליקן [טייל פֿון קריסטלעכן ריטואַל, ווען דער גײַסטלעכער באַשפּרענקלט מיט געהייליקט וואַסער דעם עולם].

אויסשוויצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשוויצן. נאָך דער א, איז דעם חולה בעסער געוואָרן.

אויסשוויצן — שוויץ אויס, ~געשוויצט. אַקוזוו — אַרויסברענגען שווייס און היץ. זע, ווי דאָס פֿערד האָט אויסגעשוויצט אַ פּאַרע. „די פֿײַכטע גאַזן שוויצן אויס ווי שווייס“, ממוס, שירה. טרוו — 1. אויסשמוציקן מיט שווייס. א, די פּאַכוועס, דעם קאָלנער. 2. מיט גרויסער מי עפּעס דערגרייכן. א, אַן אַטעסטאַט, קענטענישן. „מע מוז די אינספּיראַציע גוט א, און אויסזיצן“, יג, תּוך. 3. זן. פֿאַרגעסן. אין אַ הערה צום וואָרט א„ אמד, צעהען דרײַערלאַך, ווילנע 1887, ז, 12: „דאָס וואָרט

א, הייסט פֿאַרגעסן. אַזוי הייסט, ווען איינער
פֿאַרגעסט וואָס ער האָט געלערנט — ער האָט
אויסגעשוויצט".
אויסשוויצעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשוויצן. איז דאָס
געוועןן אַן א, פֿאַר די עקזאַמענס! ־צעכץ.
אויסשוויצער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שוויצט (עפּעס) אויס. „קיין קאָפּ איז
ניטאָ, אָבער פֿאַראַן אַ זיצער, איז ער דער
עכטער א'".

אויסשוועצן

־I־־.

אויסשווישטשען — ־טשע אויס, ~
געשווישטשעט. סל. דזוו אויספֿײַפֿן. „ער
פֿישטשעט, שווישטשעט אַזוי זײַן שירה אויס",
ממוס, שירה.
אויסשוועבלען —. טרוו. ־בל אויס, ~
געשוועבלט. דורכלאָזן, דורכנעמען מיט
שוועבל, שוועבל־גאַזן. א, די דירה און פּטור ווערן
פֿון די וואַנצן [בײַ פֿאַרמאַכטע טיר און
פֿענצטער אָנצינדן שוועבל און לאָזן די
שוועבלגאַזן ווירקן אַ מעת־לעת].

אויסשוועבן — שוועב אויס, ~געשוועבט.
אוטוו — אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן שוועבן, זיך טראָגן אין דער לופֿט. אקוזוו — דורכשוועבן אַ צאָל ערטער. „איר זאָלט וויסן, מיט דעם פּסוק האָב איך דאָס גאַנצע בנין געמאַכט, און מיט דעם שוועב איך אויס די
אויסשוו□ונג — די, ־עו. פּראָצעס אָדער גאַנצע וו לט מיט איין שוועב“, נצ 2, טז/ג.

רעזולטאַט פֿון אויסשוועכן. א, פֿון הייליקטומען.
אויסשוועכן — טרוו. שוועך אויס, ~
געשוועכט. 1. דזוו אויסשוואַכן. 2. אויסלעס□ טערן, פּראַפֿאַנירן.
אויסשווענגערן — ־ער אויס, ~
געשווענגערט. אוטוו — דערפֿירן שוואַנגערשאַפֿט ביזן סוף. „זי האָט עטלעכע מאָל געמפּילט, אָבער איצט, לאָמיר האָפֿן, וועט זי א, אַלע ניַין חדשים“. טרוו — דורכמאַכן די גאַנצע שוואנגערשאַפֿט און געבערן אַ קינד. א אַ
,

-

קינד.

אויסשווענקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסשווענקען. אַן א, מיט זאַלצוואַסער.
אויסשווענקעכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסשווענקען. דאָס מיט וואָס מע שווענקט אויט.
אויסשווענקען — טרוו. שווענק אויס, ~ געשווענקט. 1. אויסרייניקן דורך בּאַגיסן מיט וואַסער, דורך אײַנטונקען אין וואַסער. א, די גלעזער, די פֿלעשער. א, גרעט אין טײַך [די לעצטע אָפּעראַציע בּײַם וואַשן גרעט]. „און, די חכמים זיינין וויא דיא כּלים דז מען ניצט קאלטר הייט, דאַרף מען נאָר אויש צו שווענקין מיט קאלטין וואשיר זיינן זיא טהור“, נצ1, בּמדבּר, ט/א.
2. אַרײַננעמען פֿליסיקייט אין מויל, מאַכן עס זאָל קומען בּיז טיף אין שלונג און עס אויסשפּײַען, אויסגאָרגלען. א, דאָס מויל מיט יאָדע [עטלעכע טראָפּנס אין אַ גלאָז וואַסער]. „שוין זאָלסטו מיר אַרויסשפּײַען דאָס שטיינדל, זאָלסטו! און דאָס מויל זאָלסטו מיר א'!“, זש, שקלאָווער קינדער. 3. אַרויסשווענקען, אַרויסבּרענגען מיט דער הילף פֿון וואַסער. „...שווענקט אונדז נאָך אויס דער ים פֿון אונדזערע קבֿרים„, קמ, 45 1868, No.

4. גרינטלעך אויסנעצן געהילץ, האַלטן אַ לענגערע □ ײַט אין וואַסער. „א, ווייכע האָלץ אַ האַלבּ יאָר, האַרטע — אַ יאָר“, ייִהאַנ, No 5.

אויסשוועצן — טרוו. שוועץ אויס, ~ געשוועצט. אַרכ. 1. אויסנאַרן, אַרויסקריגן עפּעס מיט פֿאַלשע רייד. „....אחד מקהילתנו על שעה מועטת, אונט צוואהרין בּדרך חילוף מעות ריוח צו פֿינדן, מיר ק״ל ר„ט אויס גישוועצט“, אגרת שלמה, טו/בּ. 2. אויספּלאַפּלען, אויסזאָגן אַ סוד. „דען עובֿדיה האָט פֿר בּאָרגן

אויסשווערן

גיהאט הונדרט נבֿיאים...און, קיינר האָט עש אויש גישוועצט„, מהמ, מח/א.

אויסשווערן — שווער אויס, ~געשוואָרן.

אוטוו — שווערן מיט אַ צאָל שבֿועות.

פֿאַרענדיקן שווערן. א, מיט איך־זאָל־אַזוי־לעבּן.

טרוו — אַרויפֿלייגן אַ שבֿועה (אויף אַ צאָל).

א, די עדות בּײַ אַ משפּט.

אויסשויבּערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשויבּערט. בּרענגען האָר אין אומאָרדענונג, צעפּאַטלען, צעבּוזשען. א, די קינדערשע קעפּלעך.

אויסשוידערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשוידערט (געוויינטלעך אומפּ). אַרײַנבּרענגען אין
גרויס שרעק, עס זאָל דורכנעמען אַ ציטער.
די נײַסן שוידערן מיך אויס. „איך געדענק נאָר
בּלויז אַז עס האָט מיך איין מאָל
אויסגעשוידערט איבּערן וועג“, ווײַס, 'ווי דער גורל
פֿירט'. „עס שוידערט אים אויס אַ קעלט אין
די בּיינער“, טארלער רבּי, סגולות ורפֿואות.
אויסשוימען — שוים אויס, ~געשוימט.
אוטוו — אָנהייבּן שוימען. דאָס אײַנגעמאַכטס
שוימט שוין אויס. טרוו — אָפּשוימען,
אַראָפּנעמען שוים. א, די זופּ. „האָט ער אַ פּאָר
מאָל די זופּ אויסגעשוימט“, אַלטער־לעבּ,
ראָבּינזאָהן I, וואַרשע ? 188).
אויסשוימען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויפֿהערן אַרויסגעבּן שוים; זיך אויסקלאָרן. „אין
דער היסטאָריאָגראַפֿיע האָט זיך נאָך נישט
אויסגעשוימט די אַלטע פּלוגתּא...“, ל.
פֿינקלשטיין, צוק, 1949, ? I. „ער וועט אַמאָל
זיך א, און קומען צו אַ טאָלק“, רובּ, מגילת
רוסלאַנד.
אויסשוינען — טרוו. שוין אויס, ~געשוינט.
דזוו אויסשאַנעווען ←.
אויסשוכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסשוכן פֿאַרגעסן
אַרײַנצונע. „
מען אין חשבון די א, פֿון די יתומים“.
אויסשוכן — טרוו. שוך אויס, ~געשוכט.
פֿאַרזאָרגן מיט שיך, קויפֿן פֿאַר עמעצן
שוכוואַרג. אויסקליידן און א, די קינדער, די
פּליטים.
אויסשולונג ־ די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשולן. אויסבילדונג. א, פֿון
יונגע געלערנטע; א, פֿון אַקטיאָרן.
אויסשוליערן — טרוו. ־ליער אויס, ~
געשוליערט. אַרויסקריגן געלט, געווינען אין
קאָרטן דורך פֿאַלשקייטן, אומערלעכער שפּיל.
א, פֿון די נאַרישע פּאַסאַזשירן זייערע גראָשנס.
אויסשולן —, טרוו. שול אויס, ~געשולט.
1. אויסלערנען עמעצן (אויף אַ
סיסטעמאַטישן אופֿן, אין אַ שול) אַ פֿאַך, אַ געוויסן
אָפּצווײַג פֿון וויסן. א, גוטע מעכאַניקערס,
וויסנשאַפֿטלערס. 2. אויסבילדן בכלל;
אויסטרענירן; סיסטעמאַטיש אַנטוויקלען. א, עמעצן,
עפּעס אין משך פֿון יאָרן.
אויסשוס — דער, ־ן. נר. 1. דזוו אויסשאָס.
„און זײַן לויב האָט זיך געהערט ווי א'־קלאַפּן
פֿון שטאָלערנע געשיקט־שיסנדע פּיסטאָלעטן“,

פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. 2. דטשמ.
גרופּע, אויסגעטיילט פֿון אַ גרעסערער
פֿאַרטרעטערשאַפֿט אָדער פֿאַרזאַמלונג. קאָמיסיע. דער
פּערמאַנענטס־א, פֿון ציוניסטישן קאָנגרעס.

אויסשוסטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשוסטערט. 1. פֿאַרדינען, לעבן פֿון
שוסטעריַ. א, וואַסער אויף קאַשע. 2. אָפּטאָן אַן
אַרבעט ניט ווי געהעריק. „ווער האָט
אויסגעשוסטערט אַזאַ קרומע פּאָליצע?“.
אויסשופּן — טרוו. שופּ אויס, ~געשופּט.
אָפּשופּן, אַראָפּנעמען שופּן פֿון אַ פֿיש. א,
דעם קאַרפּ.
אויסשופֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~געשופֿלט.
אויסגראָבן מיט אַ שופֿל; אַרויסוואַרפֿן מיט
אַ גרויסער הילצערנער לאָפּעטע. א, זאַמד.
אויסשורהן — [...שורען] טרוו. שורה אויס,
~געשורהט. 1. אויסשטעלן אין שורות, אין
רייען. „פֿאַרטאָג האָט מען אונדז
אויסגעשורהט אין טורמע־הויף צו צוויי“, א. לאַש,
אַמעריקאַנער, 2 .5 1958 IX. אויסליניעווען,
אויסלינירן. א, אַ בויגן פּאַפּיר.

אויסשורשען — ־שע אויס, ~געשורשעט.
פּפ: ~שאָרשקען ←. אוטוו — אַרויסגעבן
קלאַנגען וואָס דערמאָנען שור־שור.
אויסשאָרכען. ,,דאָס זײַדענע קלייד שורשעט אויס
בײַם גיין‟. טרוו — עפּעס אויסדריקן דורך
שורשען. ‟דאָס זײַדענע קלייד שורשעט אויס
איר [= דער פּרויס] יחוס און עשירות‟, רייד.
אויסשושקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געשושקעט. שטילערהייט, שעפּטשענדיק עפּעס
אויסזאָגן. א, אַ סוד.
אויסשושקען זיך — אוטוו. קזוו ← דפֿוו
ריידן צווישן זיך שטילערהייט, אין אויער
אַרײַן, און אויפֿהערן.
אויסשושקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסשושקען (זיך). עס נעמט ניט קיין
סוף צו זייער א'.
אויסשהורן — [...שאָ'כערן] טרוו. שחור אויס,
~געשחורט. 1. אויסשוואַרצן. 2. (
גנבֿימשפּראַך) פֿאַרמסרן, מסרן. ,,מע האָט דעם
אַלטן אויסגעשחורט‟, בימקאָ. אויך מיט ז י ך
= זיך אַליין אַרויסגעבן. 3. (גנבֿים־שפּראַך)
אויסשפּיאָנירן.
אויסשהטן — ← אויסשעכטן.
אויסשטאַט — דער, ־ן. גאַנג קליידער,

גאַרדעראָבֿ. גאַנג מעבל, אויסמעבלירונג. גאַנג כּלים. „איך וועל דיר געבֿן צען זילבֿערשטיק און אַן א, קליידער“, תּי, שופֿטים, יז, 10.
„די איידלשטיינער פֿאַר דעם א, פֿון כּלים, פּרוכתן און דעם אויסציר פֿון חושן און אפֿוד“, אַש, משה.
אויסשטאַטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטאַטן. 2. אויסקליידונג (פֿון אַ כּלה). 3. אויסמעבלירונג. סכום מכשירים. סכום נייטיקע זאַכן פֿאַר אַן אונטערנעמונג פֿאָרשטעלונג, וואַרשטאַט אע.
,
א, פֿון דעם דאָקטערס קאַבינעט. 4. אופֿן פֿון אײַנשטעלן זאַכן. אַן א, מיט געשמאַק. „אַ פֿײַנערע באַנעמונג פֿון די ראָלן, אַ סך אַ בעסערע אַקטיאָרישע טעכניק און אַ ביסל זין פֿאַר א, און קליידונג“, מוק, באַגעגענישן
.
אויסשטאַטן — טרוו. שטאַט אויס, ~ געשטאַט. 1. אײַנקויפֿן, צוגרייטן פֿאַרזאָרגן
,
מיט אַלע נייטיקע מכשירים, אינסטרומענטן. א אַ גוטן וואַרשטאַט, אַ קאַבינעט פֿון אַ צאָן,

דאָקטער, אַ קאַנטאָר. 2. אויסמעבלירן און

אויסשטאָלפּערן זיך

אײַנשטעלן דאָס מעבל (אויך מיט בילדער, פֿאָרהאַנגען, טעפּעכער אע). א אַ הויז, אַ זאַל.

3. אײַנשטעלן אַ סצענע, אַ פֿאָרשטעלונג מיט נייטיקער דעקאָראַציע, קליידער אע. „דאָס רעקוויזיט בײַם א, די סצענע איז פֿרײַ", שע, פֿון צוויי וועלטן. 4. באַזאָרגן מיט מלבושים, וועש, זאַכן פֿאַר בעלי־בתּישקייט. א, די כּלה, דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק. 5. אײַנאָרדענען, אויסריכטן, אויסשטעלן. א, די גאַנצע חתונה. א, אַ סאָנעטן־קראַנץ.

אויסשטאַטער — דער, ־ס. ווער עס שטאַט אויס די פֿאָרשטעלונג, פֿאַרוואַלטער פֿון רעקוויזיט. (ריגע).

אויסשטאַטקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~געשטאַטקעוועט. אויסלערנען זיך אויפֿפֿירן סטאַטעטשנע, רואיק, מיט דרך־ארץ. א, די קינדער, דעם פֿאַרגרעבטן בחור.

אויסשטאַטקעווען זיך — ← דפֿוו. דזוו אויססטאַטקעווען זיך ←.

אויסשטאָך — דער, ־שטעך. (שנײַדערײַ)
1. אופֿן פֿון אויסשטעכן, פֿון דורכנייען. געדיכטער, שיטערער א'. 2. ספּעצ: לויזע פֿאַסטריגע אויף טאָפּלטער סחורה, ס'זאָל אויף ביידע שטיקער סחורה פֿאַרבלײַבן אַ צייכן (ראָדעם).
אויסשטאַכערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשטאַכערט. שטאַרק אויסדינגען, זיך לאַנג דינגען און אַראָפּקוועטשן דעם פּרײַז. א, אַ וועגעלע האָלץ. א, אַ ראַמש סחורה.
אויסשטאַלט(יק)ונג — די, ־ען. אויסגעשטאַלטיקונג, אויספֿורעמונג. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטאַלט(יק)ן.
אויסשטאַלט(יק)ן — טרוו. שטאַלט(יק) אויס, ~געשטאַלט(יק)ט. אויסגעשטאַלטיקן; צוגעבן געשטאַלט, פֿאָרעם. אויסמאָדעלירן. א, אַ כאַראַקטער.
אויסשטאַלט(יק)ן זיך — ← דפֿוו. קריגן פֿורעם פֿאָרעם, געשטאַלט. „זײַן פּאָעטישער איך האָט זיך נאָך ניט אויסגעשטאַלט“.
אויסשטאַלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~ געשטאַלירט. אויך: ~סטאַלירן.
אויספֿורעמען, אויסדיסטילירן, אויסקריסטאַליזירן.

אַרויסבּרענגען קלאָר. א, די צעטומלטע
מחשבֿות.

אויסשטאַלירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויספֿורעמען זיך אין דער לעצטגילטיקער פֿאָרעם.

אויסקלאָרן זיך. „נאָר די קאַלטע ליבע צווישן
חיהלען און דעם דאָזיקן מענטשן דאַרף זיך
נאָך א'‘, קולבאַק, זעלמעניאַנער I.

אויסשטאָלן

לע􏰀ל אויס, ~
געווען. 1. מאַכן
— טרוו. שט
שטאָלט. אויך: ~שטאָ
שטאָל; צוגעבן שטאָל צו עפּעס. א, אַ ווייכערן
מעטאַל. 2. מאַכן האַרט (ווי שטאָל).
אויסהאַרטעווען. א, דאָס האַרץ, דעם קעמפֿער.

אויסשטאָלפּערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשטאָלפּערט. (לאָקל, קורלאַנד). 1. דורכמאַכן
אַ וועג הינקענדיק, זיך פֿאַרטשעפּענדיק אין
עפּעס. א, עטלעכע וויאָרסטלעך. 2.
אויסשטאַמלען. א אַ וואָרט.

,

אויסשטאָלפּערן זיך — ← דפֿווי
פֿאַרטשעפּען זיך בײַם גיין אָדער לויפֿן. א, זיך
און צעקלאַפּן אַ קני. דאָס פֿערד שטאָלפּערט

זיך אויס.

אויסשטאָלצירן

אויסשטאָלצירן — אוטוו. ־ציר אויס, ~(גע)־
שטאָלצירט. דזוו שטאָלצירן, נאָר
עמפּאַטישער. א, מיט עפּעס. אויך מיט ז י ך.
אויסשטאַמלען — טרוו. ־מל אויס, ~
געשטאַמלט. 1. אַרויסזאָגן עפּעס,
איבעררײַסנדיק קעגן ווילן דעם שטראָם קלאַנגען,
פֿאַרטשעפּענדיק זיך בײַ געוויסע קלאַנגען. א, אַ
בקשה. ער שטאַמלט אויס: ד־ד־דאַכט זיך,
ט־ט־טאַקע אַזוי. 2. אַרויסזאָגן עפּעס אין
גרויס פֿאַרלעגנהייט, מיט אָפּשטעלן און
שוועריקייטן. „ער ווערט בלאַס און רויט... ער
שטאַמלט אויס: אַ דאַנק, און וויל ווײַזן אַז
ער לערנט גוט“, אר, 'דער העבּרעאישער
לערער'.
אויסשטאַמלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
ענדיקן רעדן שטאַמלענדיק. מיט שוועריקייטן
פֿאַרענדיקן רעדן. „בּיז ער שטאַמלט זיך אויס,
געדויערט אפֿשר אַ האַלבע שעה„..
אויסשטאַמלעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטאַמלען (זיך).

ניט קיין רעדע, נאָר אַן א..
אויסשטאַמסן — טרוו. שטאַמס אויס, ~
געשטאַמסט. (קאַמאַשן־שטעפּערײַ) מאַכן,
אויסהאַקן לעכלעך אין די אייבערשטע טיילן פֿון
לעדערנע שיך. א, לעכלעך, א, שיך.
אויסשטאַמע(ווע)ן — טרוו. ־מע(ווע) אויס,
~געשטאַמע(ווע)ט. (סטאָליערײַ) אויסהאַקן
לאָך אין האָלץ מיט אַ שטאַמײַזע, ספּעציעלן
אײַזערנעם מכשיר. א, די פּיס פֿון טיש, עס
זאָלן אַרײַן די צאַפּנס.
אויסשטאַמען — שטאַם אויס, ~געשטאַמט.
אוטוו — דזוו שטאַמען, אָפּשטאַמען, נאָר
עמפֿאַטישער פֿון וואַנעט קען א, דאָס דאָזיקע
— ,, .
בייז?,.. טרוו — 1. (וועלדערײַ) אָפּהאַקן די
צווײַגן און אַרומהאַקן די קאָרע פֿון
אַראָפּגעזעגטעביימער. 2. (סטאָליערײַ אאַ) מיט
אַ דלאָט(ע) אויסהאַקן אַ לאָך, אַן עפֿענונג, אַ
רינע אע. ,,שטאַמט מען אויס אין די
ברעטער פּירקאַנטיקע לעכער...מע שטאַמט זיי
אויס אויף דורך“, בער.
אויסשטאַמפּן — טרוו. שטאַמפּ אויס, ~
געשטאַמפּט. אויסהאַקן, אויסקריצן צייכן,
צייכענונג, דורך אַרויפֿקלאַפּן אָדער אַרײַנדריקן

אַ שטאַמפּ. א, געהילץ, לעדער. "די
מעטאַלענע וואַלצן האָבן אַליין אויסגעשטאַמפּט
גלײַכפֿאָרמיקע לעכער און מיט אַ געהעריקער מאָס",
בּ. רעסלער, טמז, 17 IX 19□0.
אויסשטאַמפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסבּאַקומען זיך, זײַן דער רעזולטאַט פֿון אַ צאָל
בּאַמיאונגען. „מיר זענען זיך מכין אויף דער
חתונה, לאָזן מיר אומיסטן זען וואָס דערויס
וועט זיך א'", נסים ונפֿלאות וואָס הרבֿ הקדוש
יהושע־העשל מאפּטאָ האָט בּאַוויזן.
אויסשטאָמפּערן (זיך) — דזוו
אויסשטאָלפּערן (זיך) ←.
אויסשטאַנד — דער, ־ן. אוקר, גאַליציע.
1. דאָס וואָס עס דאַרף זיך אויסשטיין, דאָס
וואָס עס צעגייט אַליין. (דערעיקר וועגן אַ
קראַנקייט). „די רופֿאים זאָגן, אַז ס'וועט
איבּערגיין, אַז ס'דאַרף האַבּן אַן א'", סמבּ. „די
שותּפֿים האָבּן געוואונקען מיט איין אויג צום
סימן אַז אַלץ וועט גיין לויט זײַן וואונטש.
זעליקס כּעס וועט האָבּן זײַן א'", רחל קאָרן,

ערד. 2. געדולד, אויסדויער. דער כּוח פֿון

א'. „ביסטו סאָלדאַט צי לופֿטפֿליִער, פֿול מוט און א'־קראַפֿט“, עק. 3. דאָס אָפּלייגן אַ טערמין צום באַצאָלן. אַרכ. „...לתשלומין כפֿי דבורו אינקאַפּאַבל, עד כי ירחיבֿ ה, גבֿולו אויס שטאַנד האָבן וויל“, אגרת שלמה, טו/בֿ.

אויסשטאָנען — דזוו אויססטאָנען ←.

אויסשטאָפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטאָפּן. אויספֿילונג, אָנפֿילונג.

אויסשטאַפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~ געשטאַפּלט. אויסלייגן (געהילץ, ציגל אע), עס זאָלן זיך באַקומען שטאַפּלען. „א, האָלץ אין טריקן־קאַמערן„„ ויִהאַנ, No 4.

אויסשטאָפּן — טרוו. שטאָפּ אויס, ~ געשטאָפּט. 1. אויספֿילן דאָס אינעווייניקסטע פֿון עפּעס מיט אַ שטאָף, מאַטער אַל. א, דאָס

י

געזעס פֿון אַ פּאָטעל. א, פּעל פֿון חיות פֿאַר אַ מוזיי. א אַ ל אַלקע מיט וואַטע. א, פּ אַ ־

י ,

פּ י ר אָ ס ן = אָנפֿילן די גילזע פֿון אַ פּאַפּיראָס מיט טאַבעק, ניצנדיק אַ שטאָפּ־מאַשינקע. א, אַ ה ע ל ד ז ל = אָנפֿילן די הויט פֿון העלדזל פֿון אַן עוף מיט אַ געמיש פֿון

מעל, פֿעטס, איי, זאַלץ אא. 2. אויספֿילן אַ
לאָך, דורך אַרײַנשטאָפּן עפּעס. א, די
צעבראָכענע שויבן מיט שמאַטעס. 3. אויספּיטערן,
איבערפּיטערן פֿיטערן איבערגוואַלד (אַ גאַנדז,

,

אינדיק, קאַטשקע, הון כדי צו האָבן מער
שמאַלץ). א, גענדז אויף פּסח (אויך א אַ

,

קעלבל). 4. אויסצירעווען צעלעכערטע זאָקן.
א, זאָקן.
אויסשטאָפּעכץ — דאָס, ־ן (־ער). דאָס מיט
וואָס מע שטאָפּט אויס; דאָס אויסגעשטאָפּטע.
אַן א, מיט שמאַטעס.

□

אויסשטאָסיר — דער, ־ן. אויסשטאַט,
אויסשטאַטונג. אויספּוצונג. „עס איז געקומען
אַ יום־טובֿ... ווען לויט טראַדיציע האָט
יעדערער [אויף גרענד סטריט, נ"י] געמוזט האָבן
אַ נײַעם א'", טאָג, 6 X 1958.
אויסשטאַפֿירונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטאַפֿירן.
אויסשטאַטונג. אַן א, פֿאַר דער קראָם מיט
עלעקטרישע לעמפּעלעך. „דאָרט האַנדלט קהל... מיט

לײַוונט און אַלעם וואָס מע דאַרף צו א, פֿון די
מתים“, צעדערבוים, געהיימניס פֿון
בערדיטשעוו. 2. אויסשטײַער, כּלה־אויסשטאַטונג.
,,וואָס אַז זיי האָבן פֿעדערן געפּליקט?... אַבי
ניט דאַרפֿן קויפֿן פֿאַר מזומן אַ קישעלע
פֿאַר זיך אָדער פֿאַר אַ קינד צו אַ חתונה,
וואָס די גאַנצע א, פֿלעגט ליגן גרייט פֿון
קינדווײַז“, ארז, קמ, 44 1863, No.

-

אויסשטאַסירן — טרוו. ־פֿיר אויס, ~
געשטאַפֿירט. (אין לד, צאָל פּר ניט באַקאָנט).
1. אויסשטאַטן, אויספּראַווען. א אַ קלייט,

,

אַ קאַנטאָר. 2. צוגרייטן אויסשטײַער. א אַ

,

חתונה = צאָלן פֿאַ אַלע חתונה־הוצאות.
אויסשטאַרבונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסשטאַרבן. א, פֿון אַ פֿאָלק; א, פֿון אַ
מנהג.
אויסשטאַרבן — אוטוו. שטאַרב אויס, איז
~געשטאָרבן [בלויז אין גראָדנע און נאָו
עטלעכע לר — האָט]. 1. (אַוועק)שטאַרבן,
וועגן אַ צאָל (אַלע) פֿון אַ גרופּע. ,,עס

אויסשטודירן

-

שטאַרבט קיין דור ניט אויס", שוו. „בײַ דעם
דור המבול, אַז די מענטשן זענען
אויסגעשטאָרבן, זענען שוין די אַנדערע
באַשעפֿענישן אויך נהרג געוואָרן", נצ2, כג/א. שטיל
ווי אויסגעשטאָרבן. 2. שטאַרבן ביסלעכווײַז,
איינער נאָכן צווייטן, ביז די גאַנצע גרופּע
צעפֿאַלט זיך, קומט אום. דער דור המדבר.
איז אויסגעשטאָרבן. „מע וועט דאָ אין
קאָלאָניע פֿון הונגער א',„ פּה, פֿון ווײַטע
לענדער פֿינצטער וועט ווערן, און אַלע שלעכטע
. „
ייִדן וועלן אין דער פֿינצטערניש א'", אַש,
תּהילים־ייִד. 3. ביסלעכווײַז פֿאַרשווינדן, ניכ
ווערן. אַלטע מנהגים שטאַרבן אויס, נײַע
קומען אויף. 4. פֿאַרוועלקן, פֿאַרגיין. „די
קווייטן דײַנע זײַנען אויסגעשטאָרבן", יהואָש,
זון און נעבל. „אַלע שטערן אויסגעשטאָרבן,
ס'הענגט דער הימל שוואַרץ געפֿאָרבן", הר,

,אין חושך..

אויסשטאַרטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~געשטאַרטשעט. דזוו אויסשטאַרצ(ע)ן ←.

אויסשטאָרכען — טרוו. ־כע אויס, ~ געשטאָרכעט. אויסהאַקן, אויסקלאַפּן, אויסשטעכן מיט אַ שטאָרכע, שטויס. א, מיט הערנער די זײַטן. א, מיט די פּויסטן דעם בויך. *א, די אויגן = אויך: זאָגן אין די אויגן עפּעס שלעכטס, שטעכן אין די אויגן.

אויסשטאַרן — טרוו. שטאַר אויס, ~ געשטאַרט. אויסשטעלן די אויגן און קרקן אַ לענגערע צײַט אומבאַוועגלעך אויף עפּעס, עמעצן. א, אַ פּאָר קוקערס. א, אַ פּאָר שלעפּאַקעס (סאָניק, גאַליציע).

אויסשטאַרצ(ע)ן — טרוו. שטאַרץ(־צע) אויס, ~געשטאַרצ(ע)ט. אויסשטעלן עס זאַל זײַן בולט, אַרויסרוקן; פּאָרויסרוקן. א, די היפּטן, די באָקעס, דעם זײַט־מיר־מוחל. א, די אויגן.

אויסשטאַרקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטאַרקן. ס'איז נייטיק אַן א, פֿאַר גוף און נשמה.

אויסשטאַרקן — טרוו. שטאַרק אויס, ~ געשטאַרקט. מאַכן שטאַרק(ער), פֿעסט(ער). א,

די שטריק, דעם אונטערשפּאַר. א, דעם גײַסט.
דעם מוט.

אויסשטאָרקען —־ דזוו אויסשטאָרכען ..
אויך: ~שטאָרגען.

אויסשטודירט — אַדי. 1. וואָס מע האָט
אויס(גע)שטודירט. א'ע וויסנשאַפֿט, א'ע מלאָכה.
2. וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ שטודיע, אַ
לערע. א'ער מענטש. אָפֿט סובֿ:
אויסשטודירטע(ר). „דער קאָרעספּאָנדענט מיינט
גאָרנישט
פּוקד צו זײַן אויף דער ראַבּינער־שטעלע די
עוונות פֿון אַן א'ן'„ קמ, 41 1868, No.

אויסשטודירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
שטודירט. 1. פֿאַרענדיקן שטודירן, לערנען
אין אַ שול (געוויינטלעך אַ העכערער). דורכגיין
דעם גאַנצן קורס. „זי האָט דיך... אין דער
ראַבּינער־שול אַרײַנגעבּראַכט און האָט דיך
געשלעפּט אויף אירע פּלייצעס, בּיז ד האָסט
אויסגעשטודירט“, ליאַנדאָר, דער נײַער בּ ,
ווילנע 1887. *א, דאָקטער = א, דאָקטאָריע,
= דורכגיין דעם פֿולן לערנקורס צו ווערן אַ
דאָקטער. א, אינזשענער, אַדוואָקאַט אאַזוו.
2. אויסלערנען זיך אַלץ וואָס איז נייטיק. א,

צום עקזאַמען די מיטלעלטערלעכע געשיכטע.
3. אויספּאָרשן. א, דעם מינעראַלן־באַשטאַנד
פֿון דעם וואַסער. א, די מעגלעכקייטן צו מאַכן
אַ סינטעטישן פּראָדוקט. א אַ לאַגע. 4. גוט

,

דורכקוקן, באַטראַכטן. „ער וועט אויסגיין מיט
איר דעם גאַנצן לוּווער, א, אַלע בילדער„,
ספּ, סנדות.
אויסשטויבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשטויבן. פֿאַרמערונג דורך א'.
אויסשטויבן — טרוו. שטויב אויס, ~
געשטויבט. 1. (אָנהייבן) אַרויסגעבן ש⃞ויב
(אָדער עפּעס אין פֿאָרעם פֿון שטויב). „דער
וועג שטויבט אויס אַ גאַנצן וואָלקן, ווען עס
פֿאָרט אַן אויטאָמאָביל“, רייד. א, די
ספּאָרעס פֿון אַ געוויקס. 2. אַראָפּנעמען שטויב,
אויסטרייסלען, אָפּווישן שטויב. א, די ביכער.
„...וואָס גוטע שכנים טוען זונטיק, אין דעם
טאָג פֿון רו: דאָרט איינער טראָגט אַ טעפּעך
אויסצושטויבן“, מל, 'אין טאָג פֿון רו'.

אויסשטוינען —.־ אוטוו. שטוין אויס, ~ געשטוינט. 1. אויסוואונדערן זיך, אָנהייבן צו שטוינען. 2. דזוו שטוינען, נאָר עמפּאַטישער.

אויסשטויסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטויסן.

אויסשטויסן — טרוו. שטויס אויס, ~ געשטויסן. 1. שטויסן אַ צאָל מאָל. אַן אָקס וואָס האָט אויסגעשטויסן דרײַ מאָל ווערט אַ מוּעד. 2. מיטאַמאָל אָדער שטאַרק שטויסן. א, מיט די הערנער און טייטן. 3. פֿאַרענדיקן שטויסן אין אַ שטייסל, סטופּע אָדער ענלעכן מכשיר. א, מצה, פֿאַרפֿעלעך, גרויפּן, פֿעפֿער אאַ. 4. אַרויסשטויסן, אָפּשטויסן. אַרכ. „...בּהמות וחיות דיא נישט האבּין חוטא גיוועזין זיינין גיקומן אונ, דיא תּיבֿה האָט זיא אַן גינומין, אונ, דיא יוא האבּין חוטא גיוועזין, האָט זיא דיא תּיבֿה אויש גישטוסין“, נצ1, יט/ג.

אויסשטויסן זיך — קזוו. ← דפֿוו. שטויסן איינער דעם צווייטן. זיך א, ווי בּעק.

אויסשטוך, ~שטיך — דער. מצ נבֿ. (סוחריש) אויסקלײַבּ, אָפּקלײַבּ. דער בּעסטער מוסטער, שטיק סחורה פֿון בּעסטער קוואַליטעט. „...מיט איינעם אויסשטוך פֿון די

געוואַנטן וואָס באַטרעפֿן אַ טאָלער אַכט טויזנט“,
אמד. „...וואָס איר דענקט וועגן איין א, פֿון
נײַע וואַרע„, ליאָנדאָר, בש, 1887. זן אויך
מוסטער, פּראָבקע.

אויסשטומען — טרוו. שטום אויס, ~
געשטומט. 1. שטום מאַכן. „אָך, ווי שטומט
מען שוין אויס די שרײַערס? דעם קאָפּ
פֿאַרדולן זיי!“ 2. אויסדריקן עפּעס דורך זײַן
שטום. „זיי האָבן אויסגעשטומט זייער
בענקשאַפֿט נאָך ארץ־ישׂראל„, אפֿא, טמז, III 19□0
2□.

אויסשטומפּיקן — טרוו. ־פּיק אויס, ~
געשטומפּיקט. מאַכן אַ מכשיר, אַן
אינסטרומענט אויס שאַרף. א, אַ האַק, אַ זעג.

אויסשטופּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~
געשטופּלט. אויסלעכלען, אויסרעדלען. מאַכן
אַ צאָל קליינע לעכלעו, קאַרבן אויף אָדער
אין עפּעס. א, אַ בלעך. א, □ווי אַ ריבאײַזן. א,
אַ מצה. ← אויסגעשטופּלט.

אויסשטופּן — טרוו. שטופּ אויס, ~געשטופּט.
אויסשטויסן מיט אַ האַנט (הענט, פֿויסט,

צע, גאַנצן קערפּע▯). א, עמעצן (אין) די
זײַטן. מיט ז י ך — קזוו.
אויסשטופּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסשטופּן (זיך).
אויסשטופּערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשטופּערט. (שוסטערײַ) אויסברייטערן אַן ענגן
שוך. די שיך קוועטשן און מע דאַרף זיי א'.
אויסשטוקאַטורע(ווע)ן — טרוו. ־רע(ווע)
אויס, ~געשטוקאַטורע(ווע)ט. אַרויפֿלי▯גן
שטו. קאַטורקע (אויף ווענט), אויסטינקעווען. א, די
ווענט.
אויסשטוקעווען —. טרוו. ־קעווע אויס,
~געשטוקעוועט. אויך: ~שטיקעווען.
1. צונויפֿלייגן, אויסלייגן, צונויפֿנייען
שטיקלעך און מאַכן פֿון דעם עפּעט. א, אַ בלאַם
פֿון אַ פּעלץ. א אַ לײַלעך פֿון שטיקלעך
,
לײַוונט. 2. צונויפֿנייען. אויסמײַסטערן,
אויסמײַסטרעווען. 3. אויסלאַטען, פֿאַרלייגן לאָך
(לעכער) מיט שטיקלעך סחורה. א, דעם
קינדס הײַזעלעך. 4. אויספֿילן לאָך, בלויז,
דוחק אין עפּעס. גאַנץ מאַכן. ״מיטן

מלאָכהגעלט, האָט ער געמיינט, וועט ער א, דעם ראָש־השנה. הייבּט זיך אַפֿילו נישט אָן — טויזנט לעכער אויף יעדן גראָשן“, בּערג, בּײַס דניעפּער ▯.

אויסשטורכען — דזוו אויסשטאָרכען ←.

אויסשטורמירן — טרוו. ־מיר אויס, ~(גע)־שטורמירט. אײַננעמען, בּאַזיגן מיט אַ האַסטיקן, שטאַרקן איבּערפֿאַל, אָנפֿאַל. א, דעם שׂונאס פּאָזיציעס, די פֿעסטונג.

אויסשטורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסשטורעמען. גוואַלדיקע, שרעקלעכע א'.

אויסשטורעמען — ־עם אויס, ~ געשטורעמט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן שטורעמען. עס איז שטיל, פּלוצעם האָט ער אויסגעשטורעמט. א, מיט כּעס. דער כּעס שטודעמט אויס. טרוו — 1. אויף אַ שטורעמדיקן אופֿן עפּעס אויסדריקן. א, דעם בּעס, דעם פּראָטעסט. זיי האָבּן אויסגעשטורעמט די רעוואָלוציע. „זיי האָבּן שוין זייער וועג דורכגעמאַכט, זייער שטורעם אויסגעשטורעמט“, שנ, לעזער, ד י כ ט ער, קריטיקער I. 2. אויסשטורמירן, אײַננעמען מיט שטורעם. א, אַ פֿעסטונג.

אויסשטותעווען — [...שטו'סעווען] טרוו. שטותעווע אויס, ~געשטותעוועט.

אַרויסבּרענגען אַ שטות; טאָן, זאָגן עפּעס אויף
זייער אַ נאַרישן אופן. א אַזוינס וואָס זאָל
,
אונדז פֿאַרשעמען.
אויסשטייג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסשטײַגן.
--
אָרט וואו מע שטײַגט אויס.
אויסשטייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער אָרט
- ▯
פֿון אויסשטײַגן.
אויסשטייגן — אוטוו. שטײַג אויס, בין &
-
האָב ~געשטיגן. 1. אַראָפּגיין, אַרויסגיין
(פֿון אַ שיף, באַן, עראָפּלאַן) אויף דער ערד.
א, פֿון באַן. 2. שטײַגן, זיך הייבן,
אַרויפֿגיין העכער. „די געדאַנקען זײַנען
אויסגעשטיגן בײַ אונדז אין האַרץ“, ייִפּאָל, I 1882
14. 3. אַוועקגיין פֿון אַ גרופּע, זיך
אויסטיילן. מיי. „שטײַג אויס און שמד זיך“ (
געזאָגט צו עמעצן וואָס אים געפֿעלן ניט ייִדישע
-

פֿירונגען), טענדלאַו, 682.

אויסשטײַגן — טרוו. שטײַג אויס, ~
געשטײַגט (אויך: ~שטיגן). 1. אָנבאָטן, געבן
העבערן פּרײַז בײַם קויפֿן עפּעס, בײַם
ליציטירן. א, די קאָנקורענטן אין פּרײַז. א,
די סחורה. א, מפֿטיר. „מיר וועלן מאַכן אַ
ליציטאַציע פֿאַרקויפֿן דאָס שטיקל קרקע, ווי
,
מע שטײַגט אויס אַן עליה“, אָפּאַ, 'אַ
ליציטאַציע'. 2. פּראָגרעסירן מער ווי אַנדערע
אין לערנען, קענטעניש. א, די אַנדערע
בּחורים. א, אין פֿרומקייט, אין מידות טובֿות.
„ער אַרבּעט אויף הטבֿה, ער וויל א, אין
לערנען, מע האַלט אים פֿאַר אַ מבֿקש,„ חג,
ישיבֿה. 3. אויסקאָנקורירן מיט עפּעס,
איבּערשטײַגן אַ צאָל. א, אין (מיט) שיינקייט.
פֿאַראַן... שענערע ווייַבּלעך וואָס מוזן נעבּעך
— -
„
א, איינע די אַנדערע“, שע, זומער־לעבּן.
אויסשטייגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
-
פֿון (געדויערדיקן) אויסשטײַגן. אַן א,, אַן
אויסדינגעניש — דער אמתער מסחר.

אויסשטיין — אוטוו & אקוזוו. שטיי אויס
בּין אויסגעשטאַנען [וועגן ה אָ בּ אין לר
← אויסלויפֿן].
1. שטיין אַ לענגערע צײַט, בּיזן סוף. א,
די גאַנצע פֿאָרשטעלונג. א אַ שעה פֿאַר דער
,

-
טיר און וואַרטן. „אָפּפֿאַסטן אַזאַ טאָג און א,
אויף די פֿיס, זיך נישט צוזעצן אַפֿילו —
דאָס קאָן נאָר אַ ליטוואַק!“, שע. „אויף קראַנקע
פֿיס דעם לאַנגן דאַוונען אויסגעשטאַנען מיטן
סידור אויף די הענט“, י. ראָלניק, „מײַן
מאַמע'. א, דעם ראָש־השנהדיקן מוסף. *א,
שמונה־עשׂרה = אָפּדאַוונען שמונה־עשׂרה. „
אויסגעשטאַנען שמונה־עשׂרה, נעמט ער אַרויס פֿון
טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל“, שע, '
חנוכּהגעלט'.

2. בלײַבן אויף דעם זעלביקן אָרט. שלעפּ ניט אַרום דעם וואַזאָן, לאָז אים א, וואו ער איז. „...האָט מען זיי אַפֿילו נישט געלאָזט א, אין זייערע צרות‟, ווײַס, 'פֿון רבינס שטוב'.

3. (דריטפּערזאָניק) געשען, פּאַסירן. „וואָס [ס'איז] אַמאָל מיט אײַך געשען, ווען איר זענט נאָך קליינע קינדער געווען, וואָס איז מיט אײַך אויסגעשטאַנען, קענט איר אײַך אמת ניט דערמאַנען,„ עט, לידער.

4 פֿאַרטראָגן, טאָלערירן, דולדן. *ניט קע.

נען עמעצן א, — פֿאַרלירן געדולד בנוגע צו

אים, ניט קענען פֿאַרטראָגן. (ניט) קענען א, עפּעס. „אביר אין דיא לענג האב איך עש ניט לענגיר קענין אויז שטיין,„ גה, 319.

„מה דאָך דאָ קאָנט איר ניט א, דאָס קול יללה און איר מוזט אַלע קלאָגן, אַז איר וועט אַהין קומען, וועט איר שוין גאָרניט קענען א, דאָס קול יללה‟, נחב, 'מעשׂה מהז, בעטלירס,. „דער פּאָלאַק פֿאַנגט אָן קינדר צו קריגן, אונד איין פּאָלאַק קען קיינה קינדר אויש שטעהן,„ 'איין שינה היסטאָריע פֿון איין פּאָלאַק, נפֿש III]. „א, מײַן שגעון — באַדאַרף מען זײַן שטאַרקער

פֿון אײַזן!“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. א,
טענות, געוויין, געשרייען, דעם טומל אע.
5. אויסהאַלטן, דורכהאַלטן, איבּערטראָגן.
„דער זינדיקער מענטש מוז אַלץ א',„ שוו.
„וואָס אַ ייִד קען אַלץ א'!“, שוו. *עס איז
ניט אויסצושטיין = מע קען מער ניט
אויסהאַלטן. „עש נעמט מיר גרויס וואונדר פֿון

אויסשטיין

דיר, אַלטר מן, וויא דוא דש קאָנסט אויז
שטיין“, לט1, 2/28. „איך זאָג אײַך, מע
קען שוין מער נישט א, פֿון די בּעלי־
טאַקסעס“, ממוס, טאַקטע. „ער מוז זיין גבּור
כּארי דז ער זאַל זיך קענין מיאן אין דער
תּורה צו וישן איסור והיתּר... ווער קאַן דאש
אַלץ אויש שטין צו ווישן אונ, אויש צו
לערנין,„ נצ1, יא/א. „דו זאָלסט ניט צו ווײַט
גיין אין די וועגן פֿון די צדיקים... וואָרעם
טאָמער ועסטו פּאַרוויסט וערן, דו וועסט עס
ניט קאָנען א'“, חה, בּ, 237. “דער
שלימזלדיקער ייִדישער זשאַרגאָן שטייט דאָך אויס
סדומס משפּט: וואו אַ שטאָט וואו אַן אָרט
פּײַניקט מען אים אויף אַן אַנדער אַרט“, א. מ.

קלאַפּ, אַ וואָלף אין שעפּטנפּעל, וואַרשע 1899.
6. לײַדן, האָבן שווערע איבּערלעבונגען (אַ לענגערע צײַט). א, שווערע טעג, יאָרן, אַ שווער לעבּן. ער (זי) שטייט אויס אַ סך = האָט אַ סך לײַדן, צרות. א, פֿון עמעצן (צרות). פֿאַרשווײַגן וואָס מע מוז א.. א אַנגסטן,

,

שרעק, גרוילן אע; א, חרפּות, בּזיונות, שאַנד און שפּאָט אע; א, יסורים, פּײַן און לײַד, ענויים (קשים), ווייטיקן, צער אע; א, נויט, הונגער, דחקות אע. א, צרות, כּלערליי, אַלע מיני, (אַ וועלט מיט) צרות. לעבּן וויניק און א, גענוג. א, (צרות, לײַד) ווי אַן עלנטער יתום, ווי אַ וויסטע אַלמנה. א, אין דער וועלט פֿון איטלעכן, פֿון פֿרײַנד און אומפֿרײַנד, פֿון אייגענע און פֿרעמדע. *אויסגעשטאַנען ווי קאָרן אויפֿן פֿעלד = אויך: זיך אַ סך אָנגעליטן [אַזוי ווי קאָרן. פֿון רעגנס, ווינטן פֿון דער זון]. ,,זא

, .

האָט החסיד והקדוש כל העינו, אויז גשטאנדן“, 'כּ,,י וועגן מעצער עלילת־דם, [פּש III]. ,,...איך צווארין מיט דען זון פֿיל ווידר ווערטיקייט אונ, אילינד אויז גישטאַנדין האָבּ“, גה, ז, 308. ,,זיא שפּראַך דיא פֿרויא צו אירן

מאַן: מיר קענין דאז ניט לענגר אויש שטאן,
דען מיר האבּן קיין בּרדיט אין אונזר הוין“,
בּרכת המזון, אַמשט, 1723, כג/א. „נאָר
טאָמער ווען די יסורים גרויס זײַן אויף מיר,
דאָס איך וועל ניט קענען א'“, איין נײַע ש“ס
תּחינה, פּיעטריקוב 1881. “כ'האָבּ גאָטס וואָרט
אין מיר דערפֿילט און געלאָזט מיך
איבּעררײדן. און זינט דעמאָלט — מיט גאָטס וואָרט
— שטיי איך אויס געשפּעט און ליידן“, אר,
'גאָטס וואָרט'. *א, אַ בּלבּול = זײַן
געצוואונגען זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן אַ בּלבּול.
*א, המנס בּלבּול = לײַדן פֿון אַ בּלבּול וואָס
שטעלט דאָס לעבּן אין סכּנה. *א, אַ נסיון
(נסיונות, פּראָבּעס) = לײַדן פֿון אַ נסיון און
אים אויסהאַלטן. *א אַ סכּנה = איבּערלעבּן

,

אַ סכּנה. „אונ, זיין איין סכּנה ת“ל [= תּודה
לאל] אויז גשטנדן. אין הפּה רשאי לדבּר.
ווען עז אין שׂמחה מיט אנדרר דער צילן„,
פּראָגבּ, 49. א אַן אָנפֿאַל, אַן אַטאַק(ע) =

,

אויסהאַלטן מיט אָנשטרענגונג. *א, שרעק =
דורכלעבּן שרעק. „אונ, מיט ערד טואט מן
אונז צו דעקין אונ, מוזן אויז שטין גרושע

שרעקין“, ה II.

7. פֿאַרגיטיקן, באַצאָלן פֿאַר עפּעס. „גאָט דער גוטער וואָס שפּײַזט די וועלט מיט זײַן גענאָד, וואָס טוט חסד און שטייט אויס איטלעכנס שאָד„, ממוס, שירה. *א, די הוצאה =

דעקן די הוצאות. „...האָבן זיי געשטעלט מענטשן ממונים וואָס זאָלן א, די הוצאה און אַלע באַדערפֿעניש וואָס מע דאַרף האָבן צו דער קרוין“, שבחי בעשט. „לכן איז געבליבן אַז בכדי אויסצושטיין די הוצאות — זאָל מען אַרויפֿציִען דעם מקח פֿון פֿלייש“, ממוס, מסעות. „מע דאַרף אַ קאָנאָוואַל, און די הוצאה דאַרף איך א'“, פּרץ, ,דער נדבֿן'. *האָבן אויסצושטיין חובֿות — זיך נייטיקן אין געלט צו באַצאָלן חובֿות.

8. דורך שטיין אַ לענגערע צײַט עפּעס קריגן, דערגרייכן. „מע דאַרף שטיין אין דער ריי, אָבער מע וועט שוין פֿאָרט א, אַ פּאָר שיך, אַ שטיקל אָנצוג, אַ העמד„, שׂמחה סנה, [ע—ו]ד.

אויסשטיין — טרוו. שטיי אויס, ~געשטאַנען.

1. אַוועקשטעלן; אַנטוויקלען. אויסהיילן מיט נאַטירלעכע כּוחות, אָן קינסטלעכע מיטלען. לאָז א, די קראַנקייט. "דעם מענטשנס כּוח קאָן אויס שטיין אַקרענק, אַצובּראָכן גמיט אָבּר ווער קאָן דער טראָגן,,, מס, משלי תּקע"ד, יח, 14. 2. אויסצײַטיקן. ,,מאַגנאָליעס — זיסע בּלומען־שוואַנען! די זון פֿון דרום האָט אײַך אויסגעשטאַנען", סעג, 'מאַגנאָליעס'. 3. פֿאַרזאָרגן עמעצן מיט עפּעס פֿון אונדזער

. ,,

בּידנע בּיסל בּלוט [= געלט] זאָלן מיר אים נאָך א, מיט עולם־הבּא אויך?", ק□, 1870, No 23.

אויסשטיין זיך —. אוטוו. ← אויסשטיין אוטוו. געווײנטלעך דריטפּערזאָניק. 1. זיך אויסהיילן (פֿון זיך, אָן מעדיצינישע מיטלען, מיט כּוחות פֿון קערפּער). ,,אַ חולאת בּאַדאַרף זיך א'", שוו, [וועגן אַן אָנשיקעניש אָדער צרה וואָס וועט אַוועקגיין אַליין]. בּיז צו דער חופּה וועט זיך עס א'. "און זי בּלײַבּט איבּער דאָ, בּיז עס וועלן זיך א, די טראַכאָמעס פֿון אירע אויגן", שע, מאָטל. ,,...אָדער די פּאָקן זאָלן זיך געוועזן א', און זי זאָל זײַ ניט געוועזן אויסרײַסן", שע, 'קאָנקורענטן'.

2. בלײַבן שטיין (ליגן, בכלל אין דעם זעלביקן צושטאַנד), ביז עס ווערט גוט. מעד דאַרף זיך א'. דער מין באַרן דאַרפֿן זיך א, אויפֿן בוים. „דאָס פרילע מוז זיך א, אויפֿן בוים“, פּרץ, 'ווי אַזוי אַ פּרוש איז געוואָרן אויס פּרוש, פֿאַראַן ווידער ווײַן וואָס מע דאַרף . „ — —

אים לאָזן, ער זאָל זיך א, בכדי ער זאָל באַקומען זײַן אייגענעם טעם, מתיקות, שטאַרקייט“, שע, בלאָנדזענדע שטערן I.

3. אָנווערן טעם פֿון שטיין לאַנג. דער מעד איז זיך אויסגעשטאַנען און ער שיסט אויס. אַז קוואַס שטייט זיך אויס צו לאַנג, ווערט ער ווי עסיק.

אויסשטייניקן — טרוו. ־יק אויס, ~ געשטייניקט. 1. דזוו אויסשטיינערן, ב 1. „איך האָב דײַנע מלחמות געפֿירט... דײַן גאָרטן אויסגעשטייניקט, דערנער אויסגעריסן“, פּרץ, גאָלדענע קייט. 2. דזוו אויסשטיינערן ב2. א אַ וועג דורך דער בלאָטע. א אַ פּאַרקאַן.

אויסשטיינען — טרוו. שטיין אויס, ~ געשטיינט. דזוו אויסשטיינערן, נאָר אַ ביסל פֿײַערלעכער, מיט בײַטעם פֿון אַרכ. צום

בּ1. „איך האָבּ זיי אויסגעשטיינט און
אויסגערייניקט פֿון די שלעכטע וואָס צווישן זיי

אדיסשטימונג

איז געוועזן“, ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש,
לעמבּערג 1877. „און ער האָט [דעם ווײַנגאָרטן]
צעגראָבּן אדן אים אויסגעשטיינט“, תּי, ישע ה,
ה, 2. „דאָס שווערע א, פֿון בּאָדן“, שוואַר
צבּורג, סיבּירער דערציילונגען.
אויסשטיינערונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטיינערן.
אויסשטיינערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשטיינערט. 1. אויסרייניקן, בּאַפֿרײַען פֿון
שטיינער. „האָבּ איך דעם אייגענעם גאָרטן
געפּרףוווט א',„ אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַ ש.
„דער מענטש... שטופּט אָפּ בּערג, שטיינערט
או ט די ערד„, אָפּאַ, אַ יורד'. 2. אַרומלייגן,
י
,

באַפּעסטיקן מיט שטיינער; אָנוואַרפֿן שטיינער;
מאַכן עפּעס פֿון שטיינער. א אַ גאַס. „דאָס
,
אָרט וואו די בלעטער האָבן זיך געוויזן האָבן
זיי מיט שטיינער אויסגעשטיינערט“, ש.
3 פֿאַרוואַרפֿן מיט שטיינער. „אויב די
כולי.
גאַנעס וועלן אָנפֿאַלן, וועלן מיר זיי א'“.
אויסשטייענדיק — אַדי. וואָס מע קומט,
מע דאַרף באַצאָלן. אַן א'ער חוב; א, געלט.
אויסשטײַער — דער, ־ס. כלה־מלבושים
און וועש. דער א, קאָסט אַ האַלבן נדן. „דער
אַלטער קמצן זאָל לעבן, וואָלט די כלה קיין
העלפֿט נדן ניט געהאַט, קיין א, אַוודאי ניט“,
פּרץ, 'אַ גלגול פֿון אַ ניגון'. „אַזוי איז שוין
דער מנהג פֿון לאַנג: אויסטיילן די קינדער
לעקעכלעך אין דער נאַכט, ווען מע גיט אַוועק
א, צו נייען“, אַש, שטעטל. א'־שנײַדער =
דער וואָס נייט א', געווײנטלעך אַ בעסערער
בעל־מלאָכה.
אויסשטייערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
-
אויסשטײַערן. סכום שטײַער וואָס מע דאַרף
צאָלן. אַ שווערע, הויכע א'.

אויסשטײַערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשטײַערט. 1. פֿאַרזאָרגן מיט כלה־מלבּושים און ־וועש, מיט אויסשטײַער צו דער חתונה. א, די כלה ווי אַ פּרינצעסין. 2 פֿאַרזאָרגן
.
עמעצן מיט זאַכן (אין וועג אַרײַן). א, דעם בּחור אין ישיבֿה אַרײַן.
אויסשטײַערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשטײַערט. אַרויפֿלייגן שטײַער(ן) אויף אַ צאָל; בּאַשטײַערן. א אַלע מיטגלידער פֿון דער
,
קהילה. א, מיט אַלע מיני אָפּצאָלונגען.

אויסשטײַפֿן — טרוו. שטײַף אויס, ~
געשטײַפֿט. 1. מאַכן שטײַף, שטײַפֿער. א, די טאַליע. 2. אונטערלייגן שטײַפֿלײַוונט. א, דעם קאָלנער.
אויסשטילן — שטיל אויס, ~געשטילט. אוטוו — אויסגיין אין שטילקייט. נעאָל. „אויף די גראָזן שטילן אויס געשרייען און ווערן טוי„, סוצ, וואלדיקס. טרוו — 1. מאַכן שטיל(ער). “אין דעם אָרט דאַרף מען אַ בּיסל א, דעם אָרקעסטער“. „...האָט זײַן וואונד פֿאַררעדט

און נאָך פֿיל שענער אויסגעשטילט פֿאַר אונדז זײַן וויינען", לע, פֿאביוס לינד. 2. געבֿן צו זייגן (ביזן אַנטוויינען). זי האָט שוין אויסגעשטילט אַ האַלבֿ טוצן קינדער.

אויסשטימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטימען. (ניט קיין) פֿולע א'. ,,מיט אויסגעשטימטקייט (צושטאַנד) און א, (טואונג) גיב איך איבער דאָס ענגלישע integratioה , מוו, וועג צו אונדזער יוגנט.

אויסשטימען

אויסשטימען — שטים אויס, ~געשטימט.

אוטוו — מסכּים זײַן, צושטימען, צוזאַמענפֿאַלן אין מיינונגען, געשמאַק. זיי שטימען אויס אין אַלץ.

טרוו — 1. אויספּאַסן, צופּאַסן, מאַכן מע זאָל שטימען (אין מיינונגען, געשמאַק). ,,זיי זײַנען געווען אַזוי ווי פֿון אַנדערע וועלטן, אָבער דאָס לעבן צוזאַמען האָט זיי אויסגעשטימט", רייד. 2. מאַכן אַז דער טאָן זאָל שטימען. פֿאַרן שפּילן א, די אינסטרומענטן, די פֿידלען או. 3. מאַכן אַז דער קרעדיט און

דעבּיט פֿון אַ חשבּון זאָלן שטימען. א, דעם חשבּון, א, דעם בּאַלאַנס. *א, אַ חשבּון = אויך. זיך אויסרעכענען. 4. (גראַמאַטיק מאַכן אַז עס זאָל שטימען אין צאָל דער סובּיעקט מיטן פּרעדיקאַט אָדער שטימען אין גראַמאַטישן מין דער אַדיעקטיוו מיטן סובּסטאַנטיוו. [ניט שטענדיק דאַרף מען א, אין יידיש דעם סובּיעקט מיטן פּרעדיקאַט, למשל: חבֿרה קומען].

אויסשטימען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. זיך צופּאַסן איינער צום צווייטן. מאַן און ווײַבּ שטימען זיך בּיסלעכווײַז אויס.

אויסשטינקען — שטינק אויס, ~ געשטונקען. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן שטינקען. „בּײַ דעם עקספּערימענט האָט אַזוי אויסגעשטונקען אַז מע האָט געמוזט אַרויס פֿון דער לאַבּאָראַטאָריע". טרוו — מאַכן עס זאָל דורכגענומען ווערן מיט אַ שלעכטן ריח. א, אַלע צימערן מיט רויך.

אויסשטינקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַרויסגעבּן שלעכטן ריח און אויפֿהערן דאָס טאָן. 2. אויספּאָרען זיך, סוף־כּל־סוף (פֿאַרענדיקן) עפּעס טאָן. גראָבּ. „עס וועט אַוועק אַ האלבּער טאָג בּיז ער וועט זיך א"".

אויסשטינקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסשטינקען. אויך. ־קעכ ן.

.

אויסשטיסן — שטיף אויס, ~געשטיפּט.
אוטוו — אָנהייבן שטיפֿן. אַ לענגערע צײַט
שטיפֿן. חבֿרה האָבן אויסגעשטיפּט און זיך ניט
געקאָנט באַרואיקן. טרוו — עפּעס אויפֿטאָן
מיט שטיפֿן. א, אַ קניפּ אין בעקל, אַ
קאָפּווייטיק.

-

אויסשטיסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. שטיפֿן אַ לענגערע צײַט און אויפֿהערן
(בײַטעם פֿון הנאה). 2. קזוו. שטיפֿן איינער
מיטן צווייטן.
אויסשטיצן — טרוו. שטיץ אויס, ~געשטיצט.
העלפֿן, אונטערשטיצן אַ צאָל, אָדער אויף
פֿאַרשיידענע אופֿנים, אָדער גרינטלעך. א, מיט אַלע
מעגלעכקייטן. א, יתומים און אַלמנות.
אויסשטיצן זיך — ← דפֿוו. פֿאַררופֿן זיך,

זיך סומך זײַן. דזוו שטיצן זיך, נאַר
עמפּאַטישער. אויף וואָס שטיצט ער זיך אויס?
אויסשטיק — דער, ־ן. רעגיסטרירונג;
אינוועטאַריזירונג, אינוועטאַר. מאַכן, דורכפֿירן
אַן א..
אויסשטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿוו אויסשטיקד. קונציקע א, אויף
װײַד.
אויסשטיקלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסשטיקלען. מאָזאַאישע אַרבעט.

868

אויסשטיקלען — טרוו. ־קל אויס, □ ...,
געשטיקלט. 1. צושטוקעווען שטיק(לעך). 2.
צוגויפֿשטעלן עפּעס פֿון שטיקלעך. 3. אויסשנײַדן,
אויסהאַקן אויף שטיקלעך. א, דאָס אײַז.
אויסשטיקן 1 — טרוו. שטיק אויס, ~
געשטיקט. אויסווערגן, אויסדושען. א, ווי
קעצלעך, הינטלעך. „פֿון די מאַנצבילן איז
אָפּגערעדט. אויף זיי וואָלט שוין לאַנג געמעגט
קומען אַ כאָלערע, עס זאָל זיי א, איינציקווײַז,,,
שע, בלאָנדזענדע שטערן II.
אויסשטיקן 11 — טרוו. ← דפֿוו.

אויסהעפֿטן, אויסהאַפֿטן. אויסנייען. „און איר העפֿטן און איר שטיקן? האָט איר געזען דעם גויאישקן אַבעצעדלע וואָס זי האָט אויסגעשטיקט?“, עט, סערקעלע.
אויסשטיקן זיך 1 — אוטוו, קזוו. שטיק זיך אויס, זיך אויסגעשטיקט. קעגנזײַטיק זיך דערשטיקן. „מען איז צונויפֿגעקוועטשט אין תּחום־המושבֿ און מע שטיקט זיך אויס אין קליינהאַנדל און ווילדער קאָנקורענץ“.
אויסשטיקן זיך 11 — אוטוו. ← דפֿוו. אָן אָנשטרענגונג, (גוט) אויסגעשטיקט, אויסגעהאָפֿטן ווערן. „דאָס זענען די גאָלדענע פֿעדעם, פֿון [זיי] שטיקט זיך ערשט אויס אַ נשמה פֿון אַ מענטש“, פּרץ, 'דער וויכּוח'.
אויסשטיקעווען — דזוו אויסשטוקעווען ←.
„...פֿון די תּחתּונים א, אַ לייַבל“, שע, פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער.
אויסשטיקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטיקן. אַ צעקוועטשעניש, אַן א', אַן ענגעניש.
אויסשטירע(נע)ן — אַקוזוו. ־רע אויס, ~ געשטירעט. אויסשטעלן, אויסגלאָצן (די אויגן); קוקן אַ לענגערע צײַט מיט אַן אומבאַוועגלעכן בּליק. א, די אויגן ווי אויף בייז וואונדער.

אויסשטעבּאַלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~(גע)־
שטעבּאַלירט. אויסקלאַפּן, אויסשטעכן לעכלעך
(קאַמאַשן־מאַכעריי).
אויסשטעך — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסשטעכן. מלל 1/76 פּאַרטײַטשט 'בנקור לכם
כל עין ימין, (שמואל א, יא, 2): „אויש
שטעך“.
אויסשטעך — מצ פֿון אויסשטאָך ←.
אויסשטעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשטעכן. א, אויף קופּער.
אויסשטעכן — טרוו. שטעך אויס, ~
געשטאָכן. 1. מיט אַ שאַרפֿן מכשיר מאַכן אַ
לאָך, לעכל. א, די אויערן צו טראָגן
אוירינגלעך. א, אַן איי און אויסטרינקען עס. א, אַ
פֿאַרשטאָכענעם פֿינגער = מיט אַ נאָדל
דורכשטעכן אַ בלאָטער, געשווירל מיט אייטער
און אויסקוועטשן דעם אייטער. *א, מיט עמעצן
דעם בלאָטער = אים אויסניצן כּדי
אַרויסבּרענגען פֿאַר אַלעמען עפּעס וואָס איז געווען
באַהאַלטן. *א, זיך די ציין = אויסרייניקן
ברעקלעך פֿון צווישן די ציין מיט אַ העלצל,
שפּילקע. „[זיי] שטעכן זיך אויס די ציין, מע
זאָל מיינען אַז זיי גייען ערשט פֿונעם טיש„,
ש. בערנשטיין, ר, יאָכצע דל נאה, קעשענעוו

.1884
2. מאַכן אַ וואונד מיט אַ שאַרפֿן
אינסטרומענט, אַרויסנעמען אַ גליד (אַן אויג). א, אים
ווי אַ זיפּ. א, מיט אַ מעסער, קינזשאַל. ,,

באַאויסשטעלונג

דײַ זיך א, בײדע אויגן, אַבּי יענעם איין אויג"
= וועגן נעמען נקמה, זיך אָפּרעכענען. ,,פֿאַר
אַ גראָשן לאָזט ער זיך אַן אויג (בּײדע אויגן)
א',, = וועגן קאַרגשאַפֿט. ,,די זון וועט דיר
מיט שפּיזן א, די אויגן,,, בּיאַליק,
שחיטהשטאָט. ,,דא יעקבֿ בּנבֿואה זאַך דז דיא פּלשתּים
ווערן שמשון הגבּור די אויגן אויז שטעכן",
מ᠎, 2/32. אַזוי פֿינצטער, אַן אויג זיך
אויסצושטעכן. *א, די אויגן = אויך: א)
בּיטער פֿאַרוואַרפֿן אַן עוולה, אומגערעכטיקייט.
,,...לײַט זאָלן איר נישט האָבּן די אויגן
אויסצושטעכן,,, ווײַס, 'צום איידעם אויף קעסט';
בּ) דורס זײַן, אָפּטאָן שלעכטס. ,,אַז מע
גיט דיר נישט דאָס טעלערל פֿון הימל, ווילסטו
א אַלעמען די אויגן", פּרץ, ,האשה מרת
,

חנה,.
3. דערשטעכן, אויסהרגענען מיט אַ שאַרף געווער. ,,זײַן שבֿועה האָט גאָנטע געבּראָכן און האָט אַלע פּריצים אויסגעשטאָכן“, מע▯tה אומן. ,,איצטער זעט איר אונדזער שול פֿון זיקנה געל, צעבּראָכן — אַ גאַנצע עדה ייִדן איז געוואָרן אויסגעשטאָכן“, יהואָש, 'די אַלטע שול'.
4. אויסנייען אויף אַזאַ אופֿו: דורכשטעכן מיט אַ נאָדל און אַרומנייען מיט פֿעדעם. א, צו פֿאָדעם.
5. אויסקריצן, אויסגראַווירן. א, אותיות, איניציאַלן, אַ צייכענונג.
6. אויסטאַטואירן. ,,זיי שטעכן זיך אויס אויף דעם לײַבּ...אַלערליי געשטאַלטן,,, אמד, די אַנטלאָפֿענע טאָכטער, ווילנע 1865.
אויסשטעכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿון זיך, אָן כּוונה, אָן שולד, אויסגעשטאָכן ווערן. (קינדער־לשון). ,,מאַמע, זע, אַ פֿינגערל האָט זיך מיר אויסגעשטאָכן“. 2. זיך אויספּיקן. ,,צי פֿון מוטערלײַבּ געקראָכן, פֿון אַן איי זיך אויסגעשטאָכן“, פּרץ, לידער און פּאָעמען.
אויסשטעכעוען —, טרוו. ־עווע אויס, ~ געשטעכעוועט. אוקר. אויסבײַטן,

אויססטעכעווען ←.

אויסשטעכעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשטעכן. אויגן־א'.

אויסשטעכער — דער, ־ס. 1. דרעטל
אויסצושטעכן קע פּ ל פֿון פּרימוס(־מאַשינקע).
2. יעדער מין מכשיר אויסצושטעכן. צאָן־א, =
צו רייניקן צווישן די ציין.

אויסשטעל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסשטעלן. 2. (דרוקעריַי) אופֿן פֿון
אויסשטעלן דעם אויסגעזעצטן מאַטעריאַל אין
זיַיטן. „דער א, פֿון זאַץ איז 12 אויף 8 צאָל“.
3. עקספּאָזע. אופֿן פֿון אויסשטעלן
סחורהאַרטיקלען פֿאַרן אויג. א'־פֿענצטער, ־וויטרינע.
„פֿון די א'־פֿענצטער אין די קראָמען... שיַינט
אַרויס עלעקטריש און גאַז־ליכט“, אַש,
גראָסמאַן און זון. א'־הויז, היימיש, 1960, □ □.

אויסשטעלונג — די ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשטעלן. אונטערנעמונג און
אַרט וואו קונסטווערק ווערן געוויזן. אָרט וואו
מע וויַיזט כּלערליי סחורות, פּראָדוקטן,
טעכנישע דערגרייכונגען אאַזוו. קונסט־א,,
בילדערא'. וועלט־א', לאַנד־א'. אַגריקולטור־א',
מעדיצינישע א, אאַזוו. „אַלע אַנדערע א'ען פֿון
קונסט וועט ער מיט [איר] נישט דורכלאָזן“,

אויסשטעלן

ספּ, סודות. „...קאָמיסיע פֿון דער
וועלטא, וואָס דאַרף זײַן אין פּאַריז אין יאָר 1867‚,,
קמ, 20 1865, No.
אויסשטעלן — אוטוו. שטעל אויס, ~
געשטעלט. זיך פֿאַרלאָזן, זיך סומך זײַן, זיך
שטיצן. מע קען אויף אים (ניט) א'. א, אויף
עמעצנס הילף, פֿאַרדינסטן. “...
אויסרעכענענדיק אויף די פֿאַרדינסטן, אויף וועלכע זיי האָבן
לאַנג געוואַרט און אויסגעשטעלט“, נס, משפּחה
מאָשבער.
אויסשטעלן — טרוו. ← דפֿוו. 1.
אַוועקשטעלן אין אַ ריי, אין אַ סדר. א, די קינדער
פּאָרוויַז. „די סאָלדאַטן... האָט מען אין צוויי
לאַנגע שורות... אויסגעשטעלט“, פּרץ, ,דרײַ
מתּנות'. „האָט נאָכדעם גאָט, ווי ער מאַכט
פֿאַרטיק זײַן וועלט, און אַלצדינג כּסדר, כּסדר
דאָרט אויסגעשטעלט“, ממוס, שירה.
2. שטעלן, אויסלייגן (אויפֿהענגען,
אויססדרן) אַזוי, מע זאָל קענען גרינג זען, גלײַך
באַמערקן. „האָב איך געזען ווי סע איז געווען

אויסגעשטעלט אויף אַ באַרג די גילדענע
טישלעך און די קרעדענצן, און די
איבעריקע אוצרות פֿון דעם מלך,,, נחב, 'מעשׂה
מבעלתּפֿילה'. ,,די גרעסטע פֿאַבריקאַנטן שטעלן
אויס די סחורה: גאָלד, זילבער, בערליאַנטן.
ס'איז אַ קוק צו טאָן אַ מורא“, אבג, 'דער יוד
אין קיעב', [הש I].
3. פֿונאַנדערשטעלן ווי עס איז נייטיק, ווי
עס געפֿעלט. אויסדעקאָרירן. א, דאָס מעבל.
א, דאָס צימער מיט מעבל, א, די בינע מיט די
דעקאָראַציעס.
4. זיך באַטייליקן אין אַן אויסשטעלונג
מיט עפּעס. ,,פֿאַרוואָס האָט איר ניט
אויסגעשטעלט (אייערע בילדער) אין דער גאַלעריי?“
פֿאָרן קיין ניזשנע אויפֿן גרויסן יריד א, (
סחורה). אַמעריקע שטעלט אויס וואַשמאַשינען און
אַנדערע הויז אַפּאַראַטן.
-

5. אויספֿילן (בלויזן) אויף אַ ריכטיקן
אופֿן; איינשרייַבן, אַרייַנשרייַבן אין אַ
באַשטימטן סדר. אָנשרייַבן לויט אַ געוויסן נוסח.
א אַ פֿאָרמולאַר, אַ קבלה, אַ בקשה, אַ
בי',
ט(ע). *א, אַ חשבון, אַ רעכענונג = מאַכן

דעם חשבון און מאָנען לויט אים. *א, אַ
ווּעקסל = אַרויסגעבן אַ ווּעקסל. „אַ ביסל
מזומנים האָט ער געהאַט, האָט ער געגעבן.
פֿאַר די רעשט האָט ער אויסגעשטעלט
ווּעקסלען“, פּרץ, חסידיש. *א, אויף עמעצן אַ
ווּעקסל = אויפֿמאָנען אַ חובֿ לויט אַ ווּעקסל.
*א אַ פּאַס = א) אַרויסגעבן אַ פּאַס; בּ) מאַכן
,
אַ פֿאַלשן פּאַס. „דורך אים קריגט מען געלט
פֿאַר דער געהיימער דרוקעריי און פֿאַר דער
טעכניקע פֿון א. פּעסער“, בערג, בײַם
דניעפּער I. *א אַ צעטל = צונויפֿשטעלן אַ
,
רשימה (געווינטלעך פֿון טענות קעגן עמעצן,
פֿון עמעצנס חטאָים; פֿון מענטשן וואָס מע
גייט בײַ זיי בעטן נדבֿות אָדער מאָנען
בײַשטײַערונגען, אָדער וואָס מע לייגט אַרויף אויף
זיי אַ שטײַער). „...אויסגעשטעלט אַ צעטל
פֿון די נוסעים אין אַלע צײַטן“, ממוס, מסעות.
„הקיצור... מע האָט אויסגעשטעלט אַ צעטל
און ס'איז געוואָרן געלט“, שע, אײַזנבאַן־
געשיכטעס. *א, אין צעטל = אַרײַננעמען אין
דער רשימה. „נאָך אַ געשמיסענעם — פּוץ

אַהער, אויסגעשטעלט אין צעטל, נאַ, קוק!“. ממוס, קליאַטשע.

6. פֿאָרמולירן, אײַנשטעלן אין אַ סדר, מסדר זײַן. א, פֿראַגעס צום עקזאַמען. א אַן

,

אַנקעטע, אַ פֿרעגבויגן. „מיר פֿאַרלאַנגען פֿון אײַך, איר זאָלט גוט איבערקוקן די פּאַפּירן, אויסשטעלנדיק איטלעכע מעשׂה אַקוראַט ווי מע דאַרף“, ממוס, קליאַטשע.

7. שאַפֿן אויף אַ באַשטימטן שטייגער. א, אַ ליד. א, די ווינטשעוואַניעס אין גראַמען. א, גראַמען אויף עמעצן. „א, די לויבן פֿון דעם אייבערשטן,„ תּניא, 324.

8. אָנווײַזן (ווי צו זאָגן, ווי צו שרײַבן). געבן אַ מוסטער, אַ פֿאַרטיקן נוסח. א, אַ דרשה, אַ רעדע, א, אַ בריוו. „אום איין יונגעס קינד צו מאַכן נײַגעריק צום לערנען, האָב איך אַנדערע בריוו אויסגעשטעלט צום שפּאַס“, ליאָנדאָר, בש, ווילנע, 1844. „ער האָט ניט אָנגעהויבן וויסן פֿון דעם וואָס מ'האָט אים אויסגעשטעלט, ער זאָל זאָגן אויף זײַן יומטובֿ,„ שע פֿונעס יאַריד.

9. אײַנשטעלן (ווי אַ געזעץ, פּירונג, מנהג).
באַשטימען. אַ קוק טאָן וואָס דער ספּר שטעלט
אויס. די געזעצן שטעלן אויס אַזעלכע
שטראָפֿן. א אַ תּנאַי, אַזעלכע תּנאָים. א, דעם סדר

פֿון דאַוונען. ,,...לויט ווי די הלכה ווערט
אויסגעשטעלט אין דער משנה,,, תּניא, 18.
*א, אַ תּשובֿה = באַשטימען ווי אַזוי דער
בעל־תּשובֿה זאָל זיך אויפֿפֿירן צו קריגן, צו
פֿאַרדינען אַ תּשובֿה. ,,דאָ שטעלט זיי דער חסיד
אַ תּשובֿה אויס און דער חסיד זאָגט זיי:
ווערט איר די תּשובֿה רעכט טאָן די איך האָב
אײַך אויסגעשטעלט, פֿאַרשפּרעך איך אײַך...
אַז איר וועט בוודאַי קומען אין גן־עדן,,,
פֿאַוויר, ספּורי הפֿלאות, וואַרשע, 1844.
1O. אַראַנזשירן. צונויפֿשטעלן אַ
קאָמפּאָזיציע. א, די באַגלייטונג צום ליד. א, אַ
דאַווענען. ,,דער חזן מיט די זינגערלעך שטעלט
זיך [— פֿאַר זיך] אויס אַ 'ממקומדך, אויף

--

שבת־נחמו", ייִל, ניט טויט, ניט לעבעדיק,
ווילנע תּרנ,,ח. "פֿלעגן מענטשן זיך אָפּשטעלן
און האָרכן ווי ער שטעלט אויס אַ 'ועל

המדינות בו יאמר, אַז ס'איז מחיה נפֿשות“,
שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
11. בּרענגען אין בּאַשטימטער אָרדענונג,
זאַך, שריפֿט, אויסבּרעכן דעם זאַך. א אַ זײַט

,

-

פֿון דער צײַטונג, א, די אַנאָנסן.
12. בּאַשטימען אַ צײַט פֿאָרויס. א, דעם
צונויפֿקום אויף מוצאי יום־טובֿ. א, זמן
החתונה. „...בּני החתן ש“י זיין רײַז על ד, שבֿועות...
אויש גישטעלט“, אגרת שלמה, ז/ב.
13. אויסבּרענגען, פֿאַרטאַכלעווען. א,
געלט, אַ ירושה. *א, עמעצן = בּאַשווינדלען
אים. “די זמירה קען זיך א, בּיז דעם לעצטן
גראָשן“, מ. מ. דלוגאַטש, קמ, 1870, No 31.
*א אַ שותּף = אויסקאָמבּינירן אַז דער שותּף

,

זאָל אַרויס פֿון געשעפֿט.
14. אַרויסשטעלן עמעצן מיט עפּעס אַן
אייגנשאַפֿט, אַרויסהייבּן געוויסע מעלות אָדער
חסרונות. א, עמעצנס כּשרונות, מידות טובֿות.

*א, פֿאַר אַ מענטשן, פֿאַר אַ לײַט, פֿאַר אַ כלי (שלמה) = אויסלויבן ווי אַ געראָטענעם, פֿעאיקן אע. א, פֿאַר אַ נאַר. א, אויף לײַטיש

אויסשטעלן

געלעכטער, אויף שפּאָט און שאַנד. *א, אַ נאַקעטן = אָנווײַזן אויף אַלע חסרונות פֿון אַ מענטשן; אויך מיט בּ 13.

15. (אַוועק)שטעלן עמעצן אין אַ געוויסער (געוויינטלעך שלעכטער) סיטואַציע. א, עמעצן אויף געפֿאַר(ן), סכּנה, סכּנות. א, עמעצן אויף אַ בּיטערן נסיון. פֿרגל ~שטעלן אוטוו.

16. אויסלערנען, אײַנלערנען, אײַנחזרן.

,,בּיז לאחר בּ, שנים וויל ער אים אויז שטעהלין דאש ער הלכה תּוספֿות פֿאַר פֿעקט לייאין זאָל,,, גה, 231. ,,און איר האָט פֿיל תּלמידים אויז גישטעלט, דיא תּורה פֿון אײַך גילערנט האבּן,,, לט1, 1/ll0. ,,ווערהר עש טוט מיט שלעכטה תּלמידים לערנין אונ קיין גוטץ אויש שטעהלן, גלײַך אַז ער מעכט איין שטייאן

צו דער ע"ז [= עבֿודה זרה] מרקולס וורפֿן,,, עיון, 1/40. ,,קוים ענדיקט ער דעם ערשטן טייל 'ראָבינזאָן', שטעלט ער אים אויס אויסנווייניק שילערס 'גלאָק'", קמ, 42 1864, No. [דער בּ האָט אַרכ בּײַטעם, דאָך פֿאַרבּליבּן אין גאַליציע, אוקר, פּר]. *א, די סדרה = ווען ייִנגלעך פֿון חדר וואָס קענען שוין גוט די סדרה, לערנען זי אײַן מיט די חבֿרים וואָס קענען זי נאָו ניט.

17. אַרויסשטעלן, אויסשטרעקן, אויסציִען. ,,ער בּייגט אָן דעם קאָפּ... אויסשטעלנדיק אַ פּאָר קליינע שפּיציקע הערנער,,, ממוס, ספֿר הבּהמות. ,,צום נר תּמיד קומען זיי, שטעלן אויס די הענטלעך,,, פּרץ, גאָלדענע קייט. *א, די אויגן, אַ פּאָר אויגן, די קוקערס = א) זיך שטאַרק וואונדערן, זיך חידושן. "די קליאַטשע שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגן און קוקט מיך פֿאַרוואונדערט אָן", ממוס, קליאַטשע. א, אַ פּאָר גרויסע (קעלבּערנע, פֿאַרחידושטע, תּמעוואַטע) אויגן; בּ) בּאַקוקן אַ לענגערע צײַט מיט אַ פֿיקסירטן בּליק און מיט אַ ש רק געפֿיל. ,,ער

האָט...אויסגעשטעלט אויף יאָסעלען די אויגן ווי ער וואָלט אים וועלן אײַנשלינגען ווי ער שטייט

און גייט", שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. „— דו ווערסט צו מיר קומען געוואָר ווערן? — ענדיקט ער, אויסשטעלנדיק אויפֿן פּועל די פֿריילעכע אויגן". אר, 'אין די רײַכע גאַסן'.
א אַ פּאָר אויגן ווי דער (בריסקער) מלאך,
המות, ווי דער רענדאַר אויף אָץ־קוצץ. *א, די נאָז = באַקוקן, באַטראַכטן. „ר, אליה האָט אויף אים אויסגעשטעלט די אויגן מיט דער נאָז און באַטראַכט אים פֿון ווײַטן", סמוס, 'בישיבֿה של מטה'. *א, די (אַ פּאָר) אויערן, מויל און אויערן, נאָז און אויערן = זיך צוהערן אָנגעשטרענגט און מיט חידוש. *א, אַ צורה = א) אָנקוקן מיט אינטערעס, נײַגעריקייט; ב) ווײַזן אַ פּנים. „די זון האָט מנחהצײַט... זיך געקליבן אין איר רו אַרײַן; זי האָט אויסגעשטעלט אַ צורה, גאָר עפּעס ניט די וואָס פֿריִער", ממוס, ספֿר הבהמות. *א אַ

(די) צונג = אויסלאַכן, אַרויסווײַזן ביטול. „ווי טויזנטער לצים וואָלטן זייערע צינגער אויסגעשטעלט און אַלץ אויסגעלאַכט, אויסגעחוזקט„, אר, 'די אַנטוישטע'. „אונדזער אייגענער חלום שטעלט אונדז אויס אַ צונג„, צײַט I.

*א אַ פֿינגער = ווײַזן אויף עפּעס, אָנדײַטן.

,

וועגן אַ כּעסן: אַז מע שטעלט אויס אַ פֿינגער,
ווערט ער שוין אין כּעס [= ער מיינט עס איז

אויסשטעלן זיך

אַ פֿײַג]. *א אַ פֿײַג (צוויי, דרײַ, אַ סך

,

פֿײַגן) = אָפּזאָגן זיך צו באַצאָלן אַ חובֿ אָדער
צוריקצוגעבן עפּעס; אַרויסווײַזן ביטול צו
טענות, מאָנונגען. „אַז מע האָט ניט קיין
פֿינגער זאָל מען קיין פֿײַג ניט א'“, שוו. „ווי
דער שטייגער איז פֿון כּתרילעווקער ייִדן וואָס
האָבן קיין מורא נישט פֿאַרן דלות, שטעלן
אים אויס דרײַ פֿײַגן“, שע, קליינע
מענטשעלעך. *א, די האַנט = בעטן, בעטלען. א,
די האַנט נאָך הילף. „ווער עס שטעלט אויס
אַ האַנט — דאַרף מען געבן (די האַנט ניט
צוריקציִען)“, שוו. „זײַ אויף מיר נישט בייז
וואָס איך שטעל אַצינד אויס די האַנט צו דיר
און בעטל דײַן גענאָד“, פּרץ, גאָלדענע קייט.
18. ארכ. אויפֿשטעלן. „ווען איינר פֿיל
תּורה לערנט...און, שטעלט פֿיל תּלמידים אויז“,

מהמ, קעז/א. פֿרגל בּ16.
אויסשטעלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. אַוועקשטעלן זיך אין אַ געוויסן סדר, אָרדענונג, אין אַ באַשטימטער פֿאָרמאַציע פֿון
. ,,
אונטערן בּאַרג טוען ראַפּטאָם אַ לויף אַ טאַבון פֿערד...און שטעלן זיך אויס אויפֿן פֿערד. מאַרק", ממוס, שלמה. ,,שטערן שפּרינגען, שטעלן זיך אויס אין אַ שורה,,, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. ,,גאַנץ פֿרי האָט זיך אויסגעשטעלט אַ אַריד אין שטעטל", שע.
י
2. אויספֿײַנען זיד, בּאַרימען זיך. א, זיך מיט אַ נדבֿה, מיט קענטענישן. ,,איך דאַרף מיך פֿאַר אײַך נישט א,", שע, 'דרײַ אַלמנות'. "זיי האָבּן אַ שידוך געטאָן מיט רײַכערע פֿון זיך און האָבּן נישט מיט וואָס זיך אויסצושטעלן", בּערג, נאָך אַלעמען.
3. אַרויסרוקן זיך, אַרויסווײַזן זיך, אַרויסשטעלן זיך. ,,איך וועל זיך א, דער ערשטער מיט רייד, מיט קולות", ליאָנדאָר, נײַער בּש, 1887. ,,אַז עפּעס אַן אַלטער שיכּור בּעבּעט דאָרטן, דאַרף ער זיך... א'", בּערג, אין א פֿאַרגרעבּטער שטאָט.

4. אַרײַנפּאַסן זיך אין אַ באַשטימטער ראַם. דאָס אַלץ ווערט זיך ניט א, אין איין פּראָגראַם (אָוונט). די אַנאָנסן שטעלן זיך אויס אויף איין זײַט.

אויסשטעלעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

1. רעזולטאַט פֿון אויסשטעלן (פֿאַרשיידענע בבֿ). „די בלעטלעך פֿון כל המיני קאָלירן...די אותיות אַ ביסל מטושטש...דאָס א, גאָר אַ וואונדער: שמאָלע פּאַסיקלעך בײַ די זײַטן, א ברייטער פּאַס אינעווייניק“, מ▯ווס, פֿישקע.

2. איר אויסשטעלונג. „שוין געזען די א'? סאַראַ דלות!“, רייד.

אויסשטעלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטעלן (זיך). אַן א, מיט עם־הארצות און גראָביונגישקייט; א, מיט יחוס.

אויסשטעלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס שטעלט (זיך) אויס. וויפֿל א'ס באַטייליקן זיך אין דער אויסשטעלונג? ער איז אַ באַרימער, אַן א'. ער איז זייער אַ געניטער א, פֿון זײַטן מיט אַנאָנסן. ווער איז דער א, פֿון דעם וועקסל? 2 פֿראַנט, ווער עס פּוצט זיך אויף אַ שרײַאיקן אופֿן.

אויסשטעלערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
אָדער אייגנשאַפֿט פֿון אויסשטעלער. מיט וואָסער מין א, ער האָט עס געזאָגט!
אויסשטעלעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ אַן אויסשטעלער. בּאַרימעריש, גרויסהאַלטעריש.
אויסשטעלערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסשטעלעריש.
אויסשטעלערקע — די, ־ס. ←
אויסשטעלער. אויך: פֿרוי וואָס רוקט אַרויס, הייבּט אַרויס דורך איר אָנטאָן און אופֿן פֿון גיין אירע קערפּערלעכע אייגנשאַפֿטן.
אויסשטעמעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~געשטעמעוועט. (סטאָליערײַ, שלאָסערײַ) אויספֿאַרטיקן די עפֿענונג בּײַם אָפּשמידן אַ שלאָס אין אַ טיר אָדער בּײַ אַ פֿענצטער. א, די טיר, דאָס פֿענצטער, דעם שלאָס.
אויסשטעמפּלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטעמפּלען. „ניט קיין קריטיק, נאָר אַ האַסטיקע א': גוט, שלעכט, גוט, שלעכט“.
אויסשטעמפּלען — טרוו. ־פּל אויס, ~ געשטעמפּלט. אַרויפֿלייגן, אַרויפֿדריקן אַ

שטעמפּל (אָדער שטעמפּלען). אויסצייכענען;
אויסקריצן סימנים. א, די נייטיקע פּאַפּירן.
א אַן אות, אַן אָפּצייכענונג. א, לעדער.

׳

אויסשטענדיק — אַדי. וואָס איז געבליבן
שטיין אין אַ זײַט; וואָס איז ניט באַצאָלט.
א'ע חובֿות. „דער קויפֿער האָט נוצן ווײַל
זײַן געלט א, בלײַבט“, הרבֿ מרדכי הורוויץ,
פֿרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.
אויסשטענדיקן — טרוו. ־יק אויס, ~
געשטענדיקט. נעאָל. מאַכן עס זאָל זײַן (ווערן)
שטענדיק. „מע דאַרף ניט שליסן די
אויסשטעלונג, מע דאַרף זי א, און אָפּגעבן פֿאַר
דעם אַ באַזונדערן צימער“, רייד.
אויסשטעפּן — טרוו. שטעפּ אויס, ~
געשטעפּט. אויסנייען, דורכנייען, אַרומנייען מיט
אַ שטעפּמאַשין. א אַ קאָלנער, אַ כאָלעווקע פֿון

׳

אַ שוך, אַ קאַנט פֿון אַ הענטשקע. א, די
פּרישוועס. א, אַ קווייטל.
אויסשטעפּער — דער, ־ס. 1. ווער עס
שטעפּט אויס. 2. די (גרויסע) נאָדל פֿון אַ
שטעפּמאַשין.
אויסשטעקן — טרוו. שטעק אויס, ~

געשטעקט. אויסציִען, אויסרוקן, אַרויסרוקן. *א,
אַ האַנט — אויך: בעטן הילף; געבן הילף.
א, די האַנט נאָך הילף, נאָך אַ נדבֿה. ער שטעקט
אים אויס די האַנט און העלפֿט אים. א, די
האַנט און געבן שלום־עליכם. א אַ (ברייטן)

,

שלום־עליכם. א, אַ (די) צונג = א) אָפּלאַכן,
ווײַזן אַז מע האָט ניט מורא, מע רעכנט זיך
ניט; ב) זײַן אין נויט, אַרומלויפֿן זוכנדיק
הילף. א, די צונג ווי אַ הונט. „אַן אייביקער
בלעם...שטעקט, ווי אַ הונט אַ צעדולטער, די
צונג אויס צום קרעציקן שעלטן“, צײַט,
מטטרון. „אין לבֿנה־ליכט איר קאָפּ האָט
אויסגעשטעקט די פּראָש, אים באַקוקט מיט געלע
אויגן“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.
אויסשטעקן זיך — ← דפֿוו. אויסציִען זיך.
רוקן זיך פֿאָרויס אַזוי ווי פֿון זיך. „
פֿונדערווײַטנס לאָזט זיך הערן טריט, אָט קומען צו

אויסשטראַמען

נאָענט צום וואָגן פֿיס, באַלד שטעקן זיך אויס
הענט“, ממוס, ספֿר הבהמות.
אויסשטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסשטערן. מכשול. אַן א,
ניט צו באַהייבן.
אויסשטערכען — טרוו. ־כע אויס, ~
געשטערכעט. 1. דזוו אויסשטאָרכן ←. 2. דזוו
אויסשטעכעווען ←. 3. שלעכט אויסשטעכן.
אויסשטערן — אוטוו. [אָביעקט אין דאַטיוו]
שטער אויס, ~געשטערט. אינגאַנצן ביזן
סוף שטערן. א, איר אין דער אַרבעט.
אויסשטערנען — טרוו. שטערן אויס, ~
געשטערנט. מאַכן עס זאָלן זײַן שטערן;
אַרויסברענגען (אויסמאָלן, אַרויפֿקלעפּן) שטערן. די
נאַכט שטערנט אויס דעם הימל. א, דעם סופֿיט
פֿון זאַל.
אויסשטערנען זיך — ← דפֿוו. זיך
באַווײַזן מיט שטערן. דער הימל (די נאַכט) האָט
זיך אויסגעשטערנט.
אויסשטראָך — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסשטרײַכן; אויסשטריך. וואָס עס ווערט
אויסגעשטראָכן. אַן איבעריקער (געראָטענער) א'.
אויסשטראַל — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסשטראַלונג. א'־סטאַנציע — פֿון וואַנעט עס

ווערן אַרויסגעשיקט ראַדיאָ־ אָדער אַנדערע
מינים כוואַליעס.

אויסשטראַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטראַלן. „א, פֿון אינדיווידועלער געניאַליטעט„, שנ. „דײַן גאָט איז דאָך פֿאָלק מײַן, דײַן אייגענער גײַסט... דײַן

א'“, אַל, 'נאָכן פּאָגראָם'.

אויסשטראַליק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט די אייגנשאַפֿט אויסצושטראַלן. א'ע מעטאַלן.

אויסשטראַלן — שטראַל אויס, ~געשטראַלט. טרוו — אַרויסגעבן, אַרויסלאָזן, אויסטיילן פֿון זיך (אין פֿאָרעם פֿון) שטראַלן. א, ליכט, היץ, ענערגיע אע. א, ליבשאַפֿט, האָפֿענונג, טרייסט, מוט, בטחון. „ער זאָל א, פֿון זיך אַ ליכטיקייט ווי די זון“, אַש, משה. „האָב איך נאָך דאָס שטראַליקסטע ניט אויסגעשטראַלט“, אַל, 'דאָס געוויין פֿון שאַראַזאַד'. אוטוו — 1. זיך באַווײַזן אין פֿאָרעם פֿון שטראַלן. “[פּרצעס] אײַנפֿלוסן האָבן אויסגעשטראַלט“, ייִט, פּוילן . 2. אויפֿהערן אַרויסגעבן שטראַלן. „אַזוי פֿיל שטערן — אויסגעשטראַלט... ס'איז פֿינצטער, וויסט און קאַלט“, הר, אונטער גאָטס הימלען.

אויסשטראַלעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשטראַלן.

אויסשטראַלער — דער, ־ס. נעאָל 1.
אַפּאַראַט, מכשיר אויסצושטראַלן כוואַליעס פֿון
ענערגיע. הי־ך־, ראַדיאָ־א'. 2. ראַדיאָ־
אַקטיווער מעטאַל.
אויסשטראַלערײַ — דאָס & די, ־ען. נעאָל.
טואונג פֿון אויסשטראַלן; מצבֿ, צושטאַנד ווען
עס קומט פֿאָר אויסשטראַלונג. די א, בײַ
זייער אַ הויכער טעמפּעראַטור.
אויסשטראָם — דער, ־ען. אַקט פֿון
אויסשטראָמען. אַן א, פֿון ענערגיע.
אויסשטראָמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשטראָמען.
אויסשטראַמען —, טרוו. שטראַם אויס, ~
געשטראַמט. לאָקל (זאַמעט, קורלאַנד). מאַכן

אויסשטראָמען

שטראַם, אָנגעצויגן, אויסגעצויגן, גלײַך. גיי
ניט אַזוי אײַנגעבויגן, שטראַם זיך אויס.
גימנאַסטיק שטראַמט אײַך אויס.
אויסשטראָמען — אוטוו. שטראָם אויס,
~געשטראָמט. 1. אָנהייבן שטראָמען, פֿליסן
(פֿון אונטן אַרויף). דאָס וואַסער שטראָמט
אויס פֿון קוואַל (פֿעלדז). טרערן שטראָמען

אויס פֿון די אויגן. 2. שטראָמען דורך אַ צאָל ערטער. א, דורך בערג און טאָלן.

אויסשטראַנען — טרוו. שטראַן אויס, ~ געשטראַנט. אונגײַ. דזוו אויסשטרייען ←. „דער מנהג איז אויסצושטראַנען אין ביה״כ עשׂבים, היי ווענן די עבֿודה [אום יום־כּיפּור], ווײַל מע דאַרף ניט אויף דער בלויזער ערד כּורעים פֿאַלן״, הרבֿ א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

אויסשטראָ(נ)צלען, ~שטראָצ(ע)ן — טרוו. ־צל, ־צ(ע) אויס, ~געשטראָ(נ)צלט, ~געשטראָצ(ע)ט. דזוו אויססטראָנצלען ←. ״אויסשטראָנצלען זיך ווי אַ כּלה״, בימקאָ, דראַמען II.

אויסשטראָ(נ)צלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטראָ(נ) צלען (זיך).

▯

אויסשטראָסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטראָפֿן.

אויסשטראַפֿירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטראַפֿירן.

אויסשטראַפֿירן — טרוו. ־פֿיר אויס, ~(גע)־ שטראַפֿירט. אַרויפֿלייגן אַ געלטשטראָף. א, די

▯

אויסשטראָסן — טרוו. שטראָף אויס, ~
געשטראָפֿט. 1. בּאַשטראָפֿן אַ צאָל אָדער אין
אַ שטאַרקער מאָס. א, די וואָס זײַנען עובֿר
אויף אַ געזעץ. 2. אויסמוסרן; אויסרעדן
אויף אַ האַרבּן אופֿן. „...און זאָל מיט דעם
בּן־יחיד רעדן און זאָל אים א', ער זאָל
פֿאַרלאָזן דעם שלעכטן וועג,„ יפּ. „נאָענטע
קרובֿים נעמען און פֿירן די שיינע יונגעלײַטלעך
צו בּנימינען בּכדי אויסצושטראָפֿן,
אויסצושייגעצן זיי פֿאַר מענטשן,„ ממוס, 'די אַלטע
מעשׂה'.
אויסשטראָצן — טרוו. שטראָץ אויס, ~
געשטראָצט. 1. אויסשטעלן, אויסגלאָצן די
אויגן. „...האָבּן געעפֿנט די מײַלער און
אויסגעשטראָצט די אויגן, עטלעכע האָבּן פֿאַרגאָסן
טרערן,„ ייִפֿאָל 2 .24 1883, No. דזוו
אויסשטראָנצלען, אויססטראָנצלען ←.
אויסשטרויכלען — ־כל אויס, ~
געשטרויכלט. אוטוו — דזוו שטרויכלען, געשטרויכלט
ווערן, נאָר עמפֿאַטישער. זיך צוריקגעהאַלטן

פֿון נסיון, אָבער לסוף האָט ער
אויסגעשטרויכלט. טרוו — מאַכן אַ צווייטן שטרויכלען.
א, עמעצן מיט (איבער) עפּעס.
אויסשטרויכלען זיך — ← דפֿוו.
געשטרויכלט ווערן. אויסגליטשן זיך; פֿאַרטשעפּען זיך
און פֿאַלן (אין אַבסטראַקטן זינען). ניט
אויסהאַלטן אַ נסיון. זיך א, און אַוועק אויף קרומע
וועגן.
אויסשטרויען — טרוו. שטרוי אויס, ~
געשטרויט. באַדעקן מיט שטרוי. א, די שטאַל
פֿאַר די קי.

371

אויסשטרייטן — טרוו. שטרײַט אויס, ~
גע־־
שטריטן. אויספֿירן עפּעס דורך אַ שטרײַט,
קריגערײַ, וויכּוח, קאַמף. אויסקעמפֿן. א, דעם
ענין, די זאַך. „אויסגעשטריטן אַלע שטרײַטן
פֿאַר זײַן רעכט און פֿאַר זײַן ווערט“, אַר,
'פֿרייד און דאַנק'.
אויסשטרײַך — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסשטרײַכן. אויסשטריך, אויסשטראָך. א'־אָוונט,
א'־פֿאַרזאַמלונג = ווען מע שטרײַכט אויס פֿון

דער רשימה מיטגלידער (פֿאַרן ניט צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל).

אויסשטרײַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשטרײַכן. די א, איז אויף דער צווייטער זײַט.

אויסשטרײַכלען — טרוו. ־כל אויס, ~ געשטרײַכלט. דזוו אויסשטריכלען ←.

אויסשטרײַכן — טרוו. שטרײַך אויס, ~ געשטרײַכט, ~געשטראָכן, ~געשטריכן (זאַמעט, קורלאַנד). 1. אַרויסנעמען פֿון אַ רשימה. מיט אַ שטריך עלימינירן. אויסמעקן; עלימינירן בכלל. א, פֿון צעטל. „...מאַכט חשבון אַז ייִדנטום איז נאָר ער מיט אַ מנין בטלנים. די רעשט שטרײַכט ער אויס!“. פּרץ. „די געזעלשאַפֿטן האָבן זיך צונויפֿגערעדט און האָבן שוין כּתרילעווקע לאַנג אויסגעשטרײַכט פֿון דער לאַנדקאַרטע“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „עס זײַנען אויסגעשטריכן געוואָרן די אָנווײַזן פֿון מקורים“, ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. 2. (לעדער־בראַנזשע) מאַכן פֿאַרביקע שטריכן איבער לעדער. א, דעם בײַטל, די האַנטטאַש. 3. (גאַרבערײַ) אויסרײַבן פֿעל מיט כעמישע שטאָפֿן.

אויסשטרײַכער — דער, ־ס. (גאַרבערײַ)

ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויסרײַבן פֿעל
מיט כעמישע שטאָפֿן.
אויסשטרייען — טרוו. שטריי אויס, ~
געשטרייט. לר. אויסשיטן, אונטערשיטן
פֿו,
נאַנדערשפּרייטן. א, זאַמד אויפֿן דיל, פּאָל. א,
אַש אויפֿן אײַז.

אויסשטרייפֿן — טרוו. שטרײַף אויס, ~
געשטרייפֿט [ניט ~שטרײַפֿן!]. מאַכן שטרײַפֿן,
פּאַסן (פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן אָדער אויף אַן
אַנדער קאָנטיקן אופֿן). א, ווײַס געוואַנט מיט
בלויע שטרײַפֿן.
אויסשטריך — דער, ־ן. דזוו אויסשטראָך,
אויסשטרײַך.
אויסשטריכלען — טרוו. ־כל אויס, ~
געשטריבלט. 1. אויסשטרײַכן מיט אַ קליין
שטריכל, מיט שטריכעלעך. 2. באַצייכענען
עפּעס מיט פֿאַרשיידענע שטריכלעך. א, אַ
ד אַגראַם מיט האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע
י
שטריכלעך.
אויסשטריקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסשטריקן.
אויסשטריקן — טרוו. שטריק אויס, ~
געשטריקט. 1. מאַכן, אויסאַרבעטן (מלבוש,
אַנדערע פּראָדוקטן) פֿון פֿאָדעם מיט דער
הילף פֿון שפּיזלען. א, זאָקן, הענטשקעס, אַ
שאַליק, אַ לייַבל אע. „זי שפּיזלט... דער קאָפּ
פֿאַלט מיו אַרונטער. זי האָט...
אויסגעשטריקט אַליין דעם גאַנצן ווינטער“, הר, אין
שענסטן טאָג פֿון האַרבסט. 2. דזוו בּ1,
אָבער מיט דער הילף פֿון העקלנאָדל. א אַ
,

אויסשטרעקן

חלה־צוועלכל, אַ טישטעך. „זי האָט
אויסגענייט און אויסגעשטריקט מיט גאָלד, זילבער,
מיט זייַדענע פֿעדעם“, ספּ, ייִדישעך קאָלאָניסט.
אויסשטריקעכץ — דאָס, ־ן (־ער).
רעזולטאַט פֿון אויסשטריקן; דאָס אויסגעשטריקטע.
אויסשטרעבונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסשטרעבן. אָנגעשטרענגטע, כּסדרדיקע א,.

אויסשטרעבן — שטרעב אויס, ~
געשטרעבט. אוטוו — שטרעבן שטאַרק אָדער
(און) אַ לענגערע צײַט. א, נאָך דערלייזונג.
טרוו — דערגרייכן עפּעס נאָך אַ לענגערן
שטרעבן. א, אַ דערגרייכונג, אַ ישועה.
אויסשטרעלן — טרוו. שטרעל אויס, ~
געשטרעלט. אַרכ. Mhd▯ stra▯len. אויסקאַמען.
,,...איין גילדינין שטרעל דאַר ער זיין האַר
זאַל מיט אויז שטרעהלין,,, גה, 141.
אויסשטרענגען — טרוו. שטרענג אויס,
~געשטרענגט. מאַכן מער אָנגעצויגן. א, אַ
סטרונע, אַ שטריק.
אויסשטרעק — דער, ־ן 1. מהלך, לענג
פֿון אַ וועג. אַן א, פֿון אַ פּאָר מײַל. 2. אַקט
פֿון אויסשטרעקן. אַן א, פֿון אַ האַנט. ,,אין
דעם א, פֿון קאָפּ אַזאַ בחורשע גאווה“, אפֿא,
ווײַסע שטאָט.
אויסשטרעקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשטרעקן. אַזוי לאַנג ווי די
א, פֿון ביידע הענט.
אויסשטרעקן — טרוו. שטרעק אויס, ~
געשטרעקט. 1. אויסציִען פֿאָרויס (אין גאַנצער
לענג), געוויינטלעך וועגן גלידער פֿון קערפּער.
א, די האַנט און נעמען עפּעס. ,,און ווי איך

שטרעק אויס די האַנט פֿיל איך אַ וואַרעם

,

שמיצעלע, ווי מיט אַ שטריק“, ממוס,
קליאַטשע. „און זי וועט ניט א, קיין אבֿר פֿון די
אבֿרים פֿון איר לײַב, נאָר מיט זעלכעס וואָס
ציט נאָך זײַן ווילן„, חה, בּ, 322. „מע האָט
שוין געדאַרפֿט זײַן אַ שטיקל גבֿר
אויסצושטרעקן די אָפּגעזעסענע גלידער„, בעל־
מחשבֿות I. *א, עמעצן ווי אַ געץ = אומוואַרפֿן
אויף דער ערד (גאַליציע).
*א אַ האַנט = אויך: א) אַנטקעגנקומען,

,

באַגריסן, אויפֿנעמען פֿרײַנדלעך. „זי וויל א, די
הענט צו דער שיינער וועלט וואָס וועט באַלד
אירע זײַן“, אַש, תּהילים־ייִד. „איך האָבּ
געשפּאַנט, דעם קאָפּ פּאַרריסן, און
אויסגעשטרעקט די הענט פֿאָרויס, אַזוי ווי כ'וואָלט
מיט פֿרייד באַגריסן אַ פֿלאַם וואָס בּרענט און
בּרענט ניט אויס“, הל, טמז, 30 □ 1957 I. א,
אַ שלום־עליכם □ בּ) העלפֿן, אַרויסהעלפֿן. א,
אַ פֿרײַנדלעכע האַנט דעם חבֿר אין נויט. „די
מידה פֿון גאָט בּרוך־הוא איז אויסצושטרעקן
די האַנט צו די וואָס טוען תּשובֿה“, מחזור
אמרי נועם, ראָש־השנה, פּיעטריקובֿ 1895.

ג) בעטן אַ נדבֿה. „בעסער מיטן קאָפּ דורך דער וואַנט איידער א, אַ האַנט„, שוו. „די נאַקעטע קינדער פֿון עלנט שטרעקן אויס די האַנט נאָך אַ זעקסערל נאַכטגעלט צו באַצאָלן„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ד) זיך ווענדן נאָך הילף (צו גאָט, צו מענטשן). „נעכטן האָט מען אויסגעשטרעקט די הענט, געבעטן גאָט זאָל האָבן רחמנות, און הײַנט רײַסט מען ווײַטער...“, עט, לידער. „האַ, ווידער אַ גזירה אויף ייִדן? — פֿרעגן אים איבערגעשראָקענע

אויסשטרעקן זיך

ייִדן נעבעך, אויסשטרעקנדיק צו אים די הענט„, ממוס, ווינטשפֿ. ה) אַרויסווײַזן גבֿורה. „וועל איך א, מײַן האַנט און איך וועל שלאָגן“, טײַטש פֿון 'ושלחתּי את ידי', (תּי, שמות, ג, 20). ו) שטרעבן צו עפּעס. א, די האַנט צו דער וועלט פֿון מאָרגן. „ער האָט אַ ביסל דעם אין־סוף געקראַצט, אַ האַנט צום הימל אויסגעשטרעקט — אָבער ווי ווײַט איז ער דערגאַנגען?„, אַש, תּהילים־ייִד. ז) גנבֿענען, רויבן. א, די האַנט צו פֿרעמדס. „שטרעקן

אין דער מהומה אויס די הענט, רויבן וויפּל יעדער האָט געקענט“, ממוס, יקדל.

*א, די אָרעמס = א) גרייט אַרומצונעמען; בּ) אויפנעמען ווי אַ פֿרײַנד, העלפֿן; ג) זיך ווענדן מיט אַ תּפֿילה, נאָך הילף צו גאָט. *א, דעם אָרעם = אַרויסווײַזן גבֿורה. *א, אַ פֿינגער = אויך: אָנווײַזן אויף עפּעס; וואָרענען, סטראַשען. *א, נעגל = אויך: זײַן גרייט צו פֿאַרכאַפּן, פֿאַרצוקן. א, די נעגל צו יענעמס גוטס. „דער לייבּ קריצט מיט די ציין... דער טיגער שטרעקט אויס זײַנע נעגל„, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. *א, די פֿיס = אויך: זיך דורכגיין; זיך אויסגלײַכן נאָכן לאַנגן זיצן. „אַך טאָר קיינר ניט זיין פֿוס אויז שטרעקן, אַך ניט זיין רוקן ווענדן צו דער ספֿר תּורה צו“, לט 1, 1/107. „האָבּ איך אויסגעשטרעקט מײַן פֿוס אדן האָבּ איר אויסגעשלאָגן די ציין מיט דער פֿוס“, מע▯)ה אומן.

א, דעם האַלדז = אויך: זײַן גרייט אומצוקומען, ריזיקירן מיטן לעבן. „מחמת די טויבֿ... שטרעקט אויס איר האַלדז, מע זאָל זי קוילען... דערום זענען ישׂראל געגליכן צו אַ טויבֿ“, נצ2 כז/א. „אין גן־עדן איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר דער מאָראַלישער פּערזענלעכקייט...

א, דעם האַלדז אויף קידוש־השם קען מען דאָרטן ניט", ימ, נײַס, 1923. *א, די צונג = אויך: זײַן זייער דאָרשטיק; יאָגן זיך נאָך עפּעס. „און זי מיט די קינדער שטרעקן אויס די צונג פֿאַר אַ טראָפּן מילך", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. א, דעם פּיסק, דעם שנאָבל, דעם שנויץ. „און אָפּטאַנצנדיק דאָס באַקאַנטע פֿליגן־טענצל, שטרעקט זי אויס דאָס פּיסקעלע און טוט אַ ביס, אַ קוש הייסט עס", ממוס, ספֿר הבהמות.

2. דערלאַנגען, געבן. "לאָזן אײַערע באַוויליקטע הענט א, אונדז הילף וואָס גיכער", שע, אַלט־נײַ כּתּרילעווקע.

אויסשטרעקן זיך — ← דפּוו. 1. זיך אויסציִען. זיך א, ווי גרויס מען איז. א, זיך אין דער גאַנצער לענג. „און אַ האַנט באַלד שטרעקט זיך אויס, כאַפּט אים, שלעפּט אים פֿלינק אַרויס", ממוס, יודל. 2. אַנידערלייגן זיך, זיך צעלייגן. א, זיך אויפֿן דיל. א, זיך ווי אַ גענץ = ברייטלעך זיך צעלייגן (גאַליציע). „אַז די מקווה איז נישט אַזוי טיף, זאָל [די פֿרוי] זיך א, ווי אַ פֿיש, בשעת טבֿילה", מקור הברכה, מונקאַטש תּרנ"ה. 3. זיך בעטן, פֿאַלן צו די פֿיס. א, זיך פֿאַר עמעצן פֿאַר עמעצנס

פּיס. ‘‘זאָלסט זיך אַפּילו א', וועסטו עס ניט
פּועלן’’. 4. פֿאַלן פֿון די פּיס. ,,עס וויל
קיינער ניט קויפֿן, כאָטש שטרעק זיך אויס
פֿאַר א קערבל’’, ייִפֿאָל, 33 1882, No.
אויסשטרעקעכץ — דאָס (די), ־ן. דאָס

אויסציִען די גלידער (נאָכן שלאָף, נאָכן זײַן
אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזיציע). אַ גענעצן
און אַן א'. ל2, דרייזין. אויך ־קעניש.
אויסשטשאָבען — טרוו. ־בע אויס, ~
געשטשאָבעט. אויספֿאַרריכטן; פֿאַרענדיקן (צו־
נייען אויף גיך, ניט־געראָטן. א, די הײַזעלעך,
די תּחתּונים.
אויסשטשאָבעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויסשטשאָבען. ,,אוי, אַן א'! ס'האָט זיך גלײַך
ווידער צעריסן!‘‘
אויסשטשאָכען — ־כע אויס, ~
געשטשאָכעט. אויך: ~שציאָכען. וואול. אוטוו—
אָנהייבן אָדער ענדיקן אורינירן. טרוו—
אויסנעצן דורך אורינירן. א, די ווינדעלעך,

דאָס בעטגעוואַנט.

אויסשטשופּען — טרוו. ־פּע אויס, ~ געשטשופּעט. סל. אויסטאַפּן; אויסצופּן. א, הינער בײַם קויפֿן.

אויסשטשימען, ~שטשעמען — טרוו. ־מע אויס, ~געשטשימעט, ~שטשעמעט. אוקר. סל. אויסקוועטשן, אויסדריקן. א, מאַסלינעס.

אויסשטשיפּ(י)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אויס, ~געשטשיפּ(י)עט. פּד. סל. אויספֿליקן. אויסקנײַפּן. א, פֿעדערן פֿון דער הון. א אַ האָר.

,

אויסשטשירען — טרוו. ־רע אויס, ~ געשטשירעט. אויך: ~שטשירעווען. 1. אויסשטעלן, אַרויסשטעלן; שאַרף אָנשטעלן. א, די ציין ווי אַ הונט, ווי אַ וואָלף, ווי אַ ווילדע חיה. „איז דאָס אייזל געפֿאַלן ווי גרויס עס איז; עס האָט אויסגעשטשירעט די ציין און איז פֿאַר מורא געלעגן ווי אַ שטיין„, עט, משלים. „דער וואָלף האָט אויסגעשטשירעט זײַנע ציינער“, ברוסילאָוו, שטילע ערד. *א, די ציין = אויך: לאַכן צו לאַנג אָדער נאַרישעוואַטע. *א, די גראַטקע = דזב (ווילנע). א, די אויגן, אַ פּאָר אויגן, אַן אויג [ממוס

באַליבטער אויסדרוק]. „טייל הינט האָבן מיך
עפּעס פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט... עטלעכע האָבן
אויסגעשטשירעט די אויגן, געקוקט שרעקלעך
בייז“, ממוס, קליאַטשע. 2. אויסשטשערבען
(אַ מעסער, אַ האַק, זעג). לאָקל (בריסק).
אויסשטשירעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסשטשירען. אַן א, פֿון ציין.
אויסשטשעבעטשען — ־ט ש ע א ו י ס,
~געשטשעבעטשעט. סל. אוטוו —
אַרויסברענגען קלאַנגען ווי אַ פֿייגעלע, ווי אַ קליין
קינד (וואָס קען קוים רעדן). טרוו — דורך
אומקלאָרע קלאַנגען (ווי אַ פֿייגעלע, ווי אַ קליין
קינד) עפּעס אויסדריקן.
אויסשטשעפּ(י)ען — טרוו. ~פּ(י)ע אויס,
~געשטשעפּ(י)עט. אויך: ~שטשיפּ(י)ען.
מאַכן אַ צאָל הרכּבֿות ▫ אַרײַנזעצן צווײַגל פֿון
.
אַ בעסערן מין (פֿרוכט)בוים אין אַ פּראָסטערן
כּדי צו פֿאַרבעסערן (די פֿרוכט פֿון) דעם
בוים. א אַ פּאָר עפּלביימער.
,
אויסשטשערבען — טרוו. ־בע אויס, ~
געשטשערבעט. אויך: ~טשערבען. 1.
מאַכן קאַרבן, טרעפּ אויף דער שאַרף (פֿון אַ

מעסער, אַ האַק) און מיט דעם מאַכן (ש)טומפּיק,
טעמפּ. א, דאָס קלינגל פֿון מעסערל. 2.
אויסבּרעכן אַ שטיקל, שטיקלעך פֿון אַ (ליימענער

אויסשיטן

כלי. א, אַ שיסל, אַ טאָפּ. „פֿון זון און ווינט
זײַנען אירע ליפּן און אויגן־ראַמען
אויסגעשטשערבּעט געוואָרן“, אַש, תּהילים־ייִד. א, אַ
קעמל = אויסבּרעכן ציין פֿון אַ קעמל.
אויסשטשערען — דזוו אויסשטשירען ←.
„האָט (דער האָן) אויסגעשטשערעט מיט
געבּעט די אייגלעך“, קמ, 39 1866, No. „אַלע
ווײַבּער... צעשאָקלען זיך... שטשערען אויס די
ציין“, יר I.
אויסשיבּושן — [...שי'בּעשן] טרוו. שיבּוש
אויס, ~געשיבּושט. פֿאַרדינען (אַרויסקריגן)
אַ שיבּוש, אַ קלייניקייט. א אַ פּאָר גראָשן פֿון
,

גאַנצן מסחר.
אויסשיבּן — טרוו. שיבּ אויס, ~געשאָבּן,
~געשיבּט. פּר, גאַליציע. אויסרוקן,
אַרויסרוקן; אַרויסשטופּן. א אַ שופֿלאָד פֿון טיש.

,

אויסשיט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסשיטן. סכום פֿון אויסגעשאָטענעם מאַטעריאַל. א, פֿון מעל, צוקער. 2. באַדעקונג פֿון הויט מיט רויטע פֿלעקן, פּינטעלעך, פּרישטשיקלעך. א, פֿון מאָזלען, סקאַרלאַטין, פֿלעקטיפֿוס. „...מיט אַ יונג־בחורשן א, אויפֿן גרויסן קרעפֿטיקן פּנים“, בערג, בײַם דניעפּער II.

אויסשיטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשיטן.

אויסשיטלען — טרוו. ־טל אויס, ~געשיטלט. מיִ. אויסטרייסלען. „מאַן טור ניט די תּפֿילין אויס דעם בײַטל א', נור מיט דער האַנד אַרויס נעמן“, הרבֿ א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

אויסשיטן — אוטוו. שיט אויס, ~געשאָטן, ~געשיט (פּד). 1. דריטפּערזאָניק. זיך באַווײַזן ווי אַן אויסשיט. די מאָזלען ווען א, שפּעטער. „זע, עס איז אויסגעשיט אויפֿן גאַנצן לײַבֿ“, רייד (סאָניק, גאַליציע). 2. אַרויסלויפֿן, צונויפֿלויפֿן זיך. אַלע שיטן אויס פֿון די הײַזער. „אין געלויף פֿון מענטשן וואָס האָבן באַלד אויסגעשאָטן פֿון די נאָענטע הויפֿן“, בערג, בײַם דניעפּער II.

אויסשיטן — טרוו. ← דפּוו. 1. מאַכן עס
זאָלן אַרויספֿאַלן שטיקעלעך, טיילכעלעך אָדער
באַזונדערע זאַכן וואָס געפֿינען זיך צוזאַמען
אין אַ האַלטער (זאַק, כּלי, קאָרבּ אע). א, זאַלץ,
צוקער, מעל, זאַמד אע; א, בּולבּעס פֿון זאַק,
פּירות פֿון קאָשיק אאַזוו. ,,...איז עס זעלכש
אופּס דש ניט מיאוס ווער ווען מען עס איש
שיט, זאָל ער דען קאָרבּ אום שטערצן דש
אלש מיט אננדר הרויש פֿאַלט", לט1, 2/71.
,,וועט ער געבּן זיך אַ וואָרף אויפֿן פֿעלד און
אויפֿן דאָרף, וועט ער א, אויף זיי גאָלד־
תּכשיטים אַלערליי,,, יהואָש, 'פֿרילינג'. ,,גאָט שיט
אויס די פֿעדערן פֿון דעם איבּערבּעט,,, פֿוול,
געזאָגט אויף אַ שניי. א, מ אָ ן = אַ סגולה
קעגן שדים. "אַז ער רופֿט צונויף די שדים,
שיט ער אויס אַ זעקעלע מאָן און הייסט זיי
מיט אַ שפּרוך בּיז איין מאָנדל צונויפֿקלײַבּן",
ממוס, שלמה.
2 פֿונאַנדערשפּרייטן פֿונאַנדערוואַרפֿן מיט

. ,

אַ צוועק; בּאַשיטן. א, דעם דיל מיט ווײַסן
זאַמד. א, דעם וועג מיט זשוויר. ,,זי שיט אויס
מיט בּלומען דעם קבֿר פֿון העלד", סעג, אין
קאַזמערזש.

3. אויסגיסן. „און, מן שיט אויש וויין אויף

אויסשיטן זיך

דער ערדן אי [= איידער] די בּרכה אויש
איז, נאָך דער בּרכה דאַרף מן ניט אויש
שיטן“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, בּ/בּ.
„דאש כּוס פֿון דיא בּרכה...זאָלשטוש אויש
טרינקן און אויש ניגן אבּר ניט אויש שיטן“,
עיון, 1/41. „אַבּי אַ מקום מיוחד... ייִדן זאָלן
קענען קומען א, זייער האַרץ פֿאַר גאָט„, קמ,
4□)18, □ □] 43.
4. אויסטרייסלען; אויסליידיקן. אַרויפֿגיסן;
אַרויפֿוואַרפֿן. 'ויערו את הארון, (דבֿרי־הימים,
ב, כד, 11) פֿאַרטײַטשט מלל: “שיטין אויש“.
„אַזוי איז אויך מיט ייִדן, זיי זענען דאָס
כּפּרההינדל — אויף זיי שיט יעדערער אויס זײַן
פּעקל צרות“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. *א,
די תּוכחה אויף עמעצנס קאָפּ = אויסשעלטן
מיט אַלע קללות. “אַלע קללדת פֿון דער תּוכחה
האָט יעדער פֿרוי אויסגעשאָטן אויפֿן מאַנס
קאָפּ תּיכּף ווי זי האָט אים נאָר דערזען“,
יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. „און פֿריידע

מוז נאָך א, איר גאַנצן רעפּערטואַר קללות",
אר, 'בּולקעס'. *א, די (גאַנצע) גאַל =
אַרויסוווײַזן געפּיל(ן) פֿון בײַזקייט. "אַזוי שיט אויס
די גאַנצע גאַ בײַ דער געלעגנהייט פֿון דער
בשׂורה די [נאָמען פֿון אַ צײַטונג]", ייִפּאָל,
.No ,1887 14
5. אָנריידן אַ סך, אויסדערציילן. א אַלע
,
מעשׂיות, רכילותלעך. א, (גאַנצע) זעק רייד.
,,אויסשיטנדיק דאָס אַלעס, האָבּ איך
געציטערט, טאָמער האָבּ איך איבּערגעכאַפּט די
מאָס,,, אר, 'בּאַליידיקט אַ פֿרוי'. 6.
אויסזאָגן דער פּאָליציי (דער מאַכט) סודות פֿון אַ
גרופּע, אָרגאַניזאַציע. "ער האָט מורא געהאַט
פֿאַר קלעפּ און אַלץ אויסגעשאָטן".
7. אַוועקוואַרפֿן; אָפּלאָזן אַ שידוך. ,,דיך
וועל איך נעמען, זיי אַלע [= אַלע אַנדערע
כּלות] שיט איך אויס", פּל "זי האָט
אויסגעשיט ליאָווען ממשפּחת האַם און האָט חתונה
געהאַט פֿאַר...,,, בּריוו. ,,אַ פּרײַסישער גראַף
האָט איר צוגעזאָגט אַז ער וועט זי נעמען
און דער הונצוואָט האָט זי אויסגעשיט", רעס—
לער, איק, רה"ש, תּשי"ח.
אויסשיטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך

באַזעצן, זיך באַווײַזן, אַרויסקומען גערדיכט (אַזוי ווי עמעצער וואָלט אויסגעשאָטן).
זומערשפּרענקעלעך שיטן זיך אויס אויפֿן פּנים.
בײַם בחור הייבט אָן זיך אויסצושיטן אַ בערדל. „די לבֿנה שפּאַצירט אין מיטן הימל, און אַרום איר האָבן זיך אויסגעשאָטן אלפּיאלפּים שטערן“, ש ע, סטעמפּעניו. 2. אויסגעגאָסן, אַרויסגעבראַכט ווערן אָן אָנשטרענגונג, ווי פֿון זיך. קללות שיטן זיך אויס אויף זײַן קאָפּ. 3. דזוו אויסשיטן, אוטוו, ב 1. מאָזלען שיטן זיך אויס איבערן גאַנצן קערפּער. 4. דזוו אויסשיטן, אוטוו, ב2. דער עולם שיט זיך אויס פֿון טעאַטער, פֿון די הײַזער אע.
אויסשיטעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. אויסשיטונג, אָפּט פּעיאָ. אַן א, פֿון מיסט פֿאַר די טירן. 2. אויסשיט. אַן א, אויפֿן פּנים.
אויסשיטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשיטן (זיך). אַן א, פֿון קללות, אַ מבול אַ גאַנצער.

אויסשיטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשיטערט. מאַכן שיטער(ער). צוגיסן וואַסער און א, טייג; א, קאַשע מיט אַ ביסעלע מילך.
אויסשיטערן זיך — אוטוו. ← דפּוו. ווערן פֿון זיך שיטער(ער). דער עולם (המון, אָנגעלויף) האָט זיך אויסגעשיטערט.
אויסשייבן — טרוו. שייַב אויס, ~געשייַבט.
-
(סטאָליערײַ) מאַכן קײַלעכדיק, אין פֿאָרעם פֿון אַ דיסק. „דער קאַרנין ווערט... באַשטיין דורכויס פֿון לאַנגהאָלץ. נאָכן א, ווערלן זיך די פֿוגעס... כמעט ווי נישט אָנזען“, בער.
אויסשייגעצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשייגעצן. אַ גוטמוטיק א'.
אויסשייגעצן — טרוו ־עץ אויס, ~
געשייגעצט. אויך: ~שגצן. 1. אָנרופֿן שייגעץ, ידנגאטש, קונדס; אויסמוסרן (גוטמוטיק אָדער בייזלעך). „האָט דער יצר־הרע זײַנער זיך אויסגעשלאָפֿן אים גוט אויסצושייגעצן: אַזוי און אַזוי, קונדעס איינער“, ממום, שלמה „אינעם דאָזיקן בריוו האָט ער אים גוט אויסגעשייגעצט“, ש ע, 'סטאַנציע באַראַנאָוויטש'.
2. שטרענג אויסמוסרן, אָנזידלען. „פֿאַר עזות וכדומה עפּעס אַ פֿאַרברעכן האָט מען אים

אויסגעשייגעצט, אויך אויסגעפּאַטשט, און
אַמאָל טאַקע מקיים פּסק געווען אין
קהלשטיבל“, ממוט, שלמה.
אויסשייד — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסשיידן. א'־אַרגאַן. א'־דריז. א'־אַפּאַראַט, א'־
אבֿר, יאכ. 2. שטאָף וואָס ווערט אויסגעשיידט.
א'־מאַטעריע, מאַטעריע־א'. אייער־א'.
אויסשיידונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אויסשיידן. כּסדרדיקע א'. מילך־א'. 2. שטאָף
וואָס ווערט אויסגעשיידט פֿון אַ קערפּער אָדער
פֿון אַ מאַשין. א'־אייל. שווייס און השתּנה
זײַנען א'ען.
אויסשיידן ▯—־. טרוו. שייד אויס, ~געשיידט
(אויך: ~געשידן, זן). 1. אַרויסגעבֿן פֿוו
זיך (פֿון קערפּער פֿון אַ מאַשין, בּ▯ אַן אַקט
י
,
פֿון פּראָדוקציע). א, שווייס, גיפֿט, אָפּפֿאַל, אַ
געדיכטע מאַסע. 2. אויסטיילן, אָפּטיילן;
אויסזונדערן. “אַזוי איז אויך ניט
אויסצושיידן די ייִדישע שפּראַך מיט אירע
געשאַפֿענע ווערטן פֿון דער פֿאָלקס־נשמה“, שטריגלע.
-
מיט ז י ך — אויסטיילן זיך, אויסזונדערן זיך,
אונטערשיידן זיך. מיט וואָס שיידט ער זיך

אויס פֿון די אַנדערע?

אויסשיידנדיק — אדי. וואָס שיידט אויס. א'ע אָרגאַנען, קעמערלעך, דריזן.

אויסשיידעוודיק — אַדי. וואָס מע קען, לאָזט זיך אויסשיידן. א'ע באַשטאַנדטיילן, כעמישע פֿאַרבינדונגען, שטאָפֿן.

אויסשייוון — טרוו. שייוו אויס, ~געשייווט. אַמ have to: ־ >. אויסגאָלן. גלאַט א, דאָס פּנים.

אויסשיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשיילן. ״האָט יעקבֿ גענומען פֿײַכטע שטעקלעך... און ער האָט אויסגעשיילט אויף זיי א'ען״, תּי, בּראשית, ל, 37.

אויסשיילן — טרוו. שייל אויס, ~געשיילט. 1. פֿאַרענדיקן שיילן. מיט אַ מכשיר אָדער מיט די הענט אויסטיילן דאָס אינעווייניקסטע פֿון דעם דרויסנדיקן (פֿון שאָלעכץ, קאָרע, פֿארוויקלעניש פֿון דעם וואָס איז אַרומגעוואַק—— ,

אויסשיינען

-

-

סן). א, קאַרטאָפֿל, פּירות. א, צוויַגעלעך,
שטעקלעך. ,,...האָב איך דעם קערן ניט געוואָלט
א, פֿון יענע בלעטער און בלומען, אין וועלכע
ער איז געבוירן געוואָרן‘‘, שנ, לעזער, דיכטער
קריטיקער. *א, ביינער = אויך:
אויסביינערן פֿלייש. 2. אויסטיילן, אויסזונדערן,
אויסשיידן. א, דעם אמת, דעם תּוך, דעם
תּמצית. ‘‘...אויסצושיילן פֿון אונדזער ביין
און בלוט אַ דור מיט קינדער און אייניקלעך,
אַ לעבעדיקע ראָד‘‘, מל, 'גאָטס חסד'. ,,מע קאָן
אויסטיַטשן די... געשיכטע אויף אַלערליי
אופֿנים, א, און באַטאָנען אירע גיַסטיקע
מאָמענטן‘‘, קאָראלניק I. ,,אַ קליינע מינוט פֿרן
חשבון־הנפֿש, פֿון זיך אַליין געפֿינען, זיך
אַליין א, פֿון פֿרעמדן און אָנגעוואָרפֿענעם —-
דאָס הייסט צוריק צו דער ביבל‘‘, פּרץ,
ליטעראַטור און לעבן.
אויסשיילן זיך —. אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסקומען; אַרויס(אַנט)וויקלען זיך. א, זיך פֿון
איי פֿון לאַרווע. ‘‘אַז עס האָבן זיך
אויסגע,
שיילט די קלאַסן־אינטערעסן, האָט זיי דער

יִדישער אַרבעטער דער ערשטער דערזען", פּרץ, ,פֿאַבריקאַנטן און אַרבעטער'. ,,פֿון וואַנען קומט די הויכע טעמפּעראַטור: פֿון דע . אייטערדיקער וואונד צי פֿון אַ טיפֿוס וואָס נעמט זיך א'?", י. יאָפֿע, אין קעסלגרובֿ.

אויסשײלעכץ — דאָס (די), ־ן.

אויסשײלונג (קען האָבן איר בײַטעם). ,,סאַראַ א'! האַלבע בולבעס וואַרפֿסטו אַוועק".

אויסשײלעניש — דאָס (די), ־ו.

גערוּיערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשײלן.

אויסשײלער — דער, ־ס. 1. מכשיר, מאַשינקע אויסצושײלן קאַרטאָפֿל, פּירות אע. 2. שינדער. דרייזין.

אויסשײן — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסשײַנען.

-

גלאַנץ, אויפֿגלאַנץ, אויסגלאַנץ.

אויסשײנונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשײנען, שײן מאַכן. א, פֿון אַ פֿאָרשטעלונג.

אויסשײנונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

-

רעזולטאַט פֿון אויסשײַנען, מאַכן עס זאָל שײַנען, גלאַנצן. א, פֿון אַ שטערן.

אויסשײנען — טרוו. שײן אויס, ~געשײנט.

1. מאַכן שיין, אויסשענערן פֿאַרשענערן. א,
,
זיך מיט צירונג. 2. מאַכן מער חשובֿ,
יחוסדיק, עס זאָל אַרויסרופֿן דרך־ארץ. א, די
משפּחה מיטן שידוך.

אויסשיינען — שײַן אויס, ~געשײַנט. אוט ◻ו
--
— 1. מיטאַמאָל אָנהייבן שײַנען; אויפֿשײַנע ◻..
דאָס ליכט שײַנט אויס. „...האָט אויסגעשײַנט,
טאַקע ווי מע זאָגט, ווי אַ האָן פֿון בראַגע“,
אפֿס, גרונעלע די רעבעצין, ווילנע 874].
2. אויפֿהערן שײַנען. ער האָט געשײַנט און
שוין אויסגעשײַנט. 3. שטאַרק שײַנען. א,
אין די אויגן. א, מיט שאַרפֿזיניקייט. 4.
אויסווײַזן (זיך) דטש מ. „זאָלט איר ניט מיינען דאָס
יעדער מענטש וואָס שײַנט אײַך אויס פֿון
ווײַטן דאָס אים איז גוט איז...גליקלעך“, אמז־,
דאָס קינד אין וואַלד II, ווילנע 1876. אויך
אוטוו, אומפּ. טרוו — מאַכן עס זאָל שײַנען.
א, דעם זאַל מיט שטאַרקער באַלײַכטונג. א,
די כּלה מיט צירונג.

אויסשיינען זיך

אויסשיינען זיך — ← אויסשיינען. זיך
אויסשטעלן, זיך באַרימען. זיך א, מיט דער
גרויסער נדבֿה.
אויסשיינען זיך — דזוו אויסשײַנען, אוטוו.
-
בּ2 ←. דער שטערן שײַנט ביז ער שײַנט זיך
אויס.
אויסשײַסן — טרוו. שײַס אויס, ~געשיסן
(אויך: ~געשײַסט). דזוו אויסדאָסן ←, נאָר
גראָבער. מיט ז י ך — דזוו אויסדאָסן זיך,
נאָר גראָבער, וואול ־סעכץ.

אויסשייערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון

-
אויסשײַערן. פֿאַרפּסחדיקע א'.
אויסשײַערן — טרוו. ־ער אויס, ~געשײַערט.
גרינטלעך אויסרײַבן מיט עפּעס און אינגאַנצן
אויסרייניקן. א, די פֿאַנען מיט זאַמד, מיט
אַש. ,,דאַרפֿסט גליקלעך זײַן: כ'האָב
אויסגעווײַסט דײַן צעל, כ'האָב אויסגעשײַערט דײַנע
קייטן", הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים. ,,קען

דער כּף־הקלע אַליין ניט העלפֿן זײַן נפֿש אויסצושײַערן און אויסצולײַטערן אים“, תּניא, 50. „אַ גראָבֿ קעפּל קען מען א'“, צווייפֿל,
▯[וכד[ר] דויי▯.

אויסשיכורן — [...שי'קערן] שיכּור אויס, ~געשיכּורט. אוטוו — שיכּורן אַ לאַנגע צײַט, אַ סך. א, טעג און נעכט. טרוו — אויסטרינקען (און שיכּור ווערן). א, גאַנצע פֿלעשער בראַנפֿן.

אויסשיכורן זיך — ← דפֿוו. ניכטער ווערן; טרינקען, שיכּור ווערן און קומען צו זיך. אויך: זיך א, פֿון אַ ליבע.

אויסשיכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשיכטן (זיך). די א, פֿון דער באַפֿעלקערונג.

אויסשיכטן — טרוו. שיכט אויס, ~געשיכט. צעלייגן, צעטיילן אין (פֿאַרשיידענע שיכטן. די מלחמה האָט אויסגעשיכט און איבערגעשיכט די באַפֿעלקערונג.

אויסשיכטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אויספֿורעמען אין שיכטן. „געאָלאָגיע וויל דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי די ערד האָט זיך אדיסגעשיכט„.

אויסשילדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויסשילדערן. אַ קינסטלערישע
א, פֿון אַ שטייגער לעבן און פֿון די העלדן.
אויסשילדערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשילדערט. אויסמאָלן אין ווערטער; באַשרײַבן,
כאַראַקטעריזירן פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן אָדער
אַ צאָל. א, סיטואַציעס; א, קאַמפֿן און
פֿאַרמעטטונגען; א, מאַסן־סצענעס, די זײַטיקע
פּאַרשוינען אאַזוו.
אויסשילטן —, טרוו. שילט אויס, ~געשאָלטן.
לר. דזוו אויסשעלטן ←.
אויסש(י)לשולן — [...שי'לשלען, שי'לשעלן]
ש(י)לשול אויס, ~געש(י)לשולט. אוטוו —
האָבן אַ לויזן מאָגן, האָבן ס'לויפֿעניש. טרוו
— 1. עפּעס אַרויסברענגען בײַ אַ שילשול.
א, די קאָפּיקע. 2. אַרויסריידן, אָנריידן זייער
אַ סך; אויספּלאַפּלען. פּעיאָ.
אויסשימלען — שימל אויס, ~געשימלט.
אוטוו — ווערן פֿאַרשימלט; זיך באַדעקן מיט
שימל. דאָס ברויט האָט אויסגעשימלט. טרוו
— מאַכן עס זאָל ווערן פֿאַרשימלט. אויסנעצן
און א, ברויט.

אויסשימערירן — ־ריר אויס, ~(גע)
שימערירט. אוטוי — מיטאַמאָל אָנהייבן גלאַנצן, שײַנען, שוועבן פֿאַר די אויגן מיט ליכט. א, פֿאַר די אויגן. א, און פֿאַרשווינדן. טרוו — אויסשײַנען, אויסבליאַסקען; פֿאַרוואַרפֿן מיט אַ שפּיל פֿון ליכט. א, די דעקאָראַציעס מיט פּראָזשעקטאָרס.
אויסשימערן — אוטוו. ־ער אויס, ~
געשימערט. דזוו אויסשימערירן, אוטוו. א, פֿאַר די אויגן, א, מיט זײַד און בריליאַנטן.
אויסשינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~
געשינדלט. באַדעקן מיט שינדלען פּרש: „אויף

.

א אַ האַלבן דאַך דאַרף מען טויזנט שינדלען.

,

וויפֿל שינדלען דאַרף מען פֿאַר אַ גאַנצן דאַך?“.
אויסשינדן — טרוו. שינד אויס, ~געשונדן.
פֿאַרענדיקן אַראָפּנעמען פֿעל, הויט; גרינטלעך (אָפּ)שינדן. א, די בהמות.
אויסשיסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשיסן. שרעקלעכע א, פֿון די פֿאַרוואונדיקטע.
אויסשיסלען — טרוו. ־סל אויס, ~געשיסלט.
צעגיסן אין שיסלען. א, דעם גאַנצן קעסל זופּ;

א, די יויך. איינער וועט א', דער צווייטער
וועט דערלאַנגען.
אויסשיסן — אוטוו. שיס אויס, ~געשאָסן.
1. מיטאַמאָל געבן אַ שאָס אָדער נעמען שיסן.
אַ ביקס האָט אויסגעשאָסן. א, מיט (פֿון) אַ
רעוואָלווער. א, מיט קוילן. „ווען ער האָט
דערזען פֿליִען די קאַטשקעס און
אויסגעשאָסן פֿלעגט זיך עפּעס אין דער ביקס
פֿאַר,
האַקן“, ספּ, סודות. דאָס פֿײַער שיסט אויס
מיט פֿונקען. 2. אויספּלאַצן, אויסקנאַלן;
אַרויסקומען מיט אַ קלאַנג וואָס דערמאָנט אין
אַ שאָס (אַדער מיט באַזונדערן כּוח צי
גיכקייט) פֿונקען שיסן אויס פֿון פֿײַער. אַ
באַ.
לאָן שיסט אויס. נאַפֿט שיסט אויס פֿון דער
ערד. “טײלמאָל שיסט אויס אַ פֿיש־פּענכער“,
פּרץ, 'ר, שלמהס מעשׂהלעך'.
3. מיטאַמאָל און מיט אַ באַזונדערן כּוח
אַרויסברענגען קלאַנגען (פֿון רייד, געוויין,
געלעכטער אע). א, מיט רייד, קללות,
געשרייען. א, אין אַ געלעכטער, געוויין. „דער עולם
באַטראַכט אים פֿרײַנדלעך, און פּלוצעם שיסן
אַלע אויס מ י ט אַ געלעכטער, טײַטנדיק

מיט די פֿינגער אים אויף די פּיס", ממוס, שלמה. „וואַלגערט זי זיך אײַן אין בעט אַרײַן און שיסט אויס מיט אַ האַרצרײַסנדיקן...

געוויין„, בערג, יורדים,. „נאָר עפּעס אַ וואָרט ניט אַזוי ווי ער וויל, שיסט ער אויס מיט

שאַרפֿע, שטעכעדיקע ווערטער„, ממוס אַ

,

שטאָט אין מזרח'. 4. גיך אויסוואַקסן. „ווי זי א י ז אויסגעשאָסן פֿון פּסח ביז שבֿועות„, אָפּאַ, 'ליבע'.

אויסשיסן — אַקוזוו. ← דפּוו. 1. דזוו אויסשיסן, אוטוו, בּ3. א, אַ געלעכטער, אַ געוויין, אַ גוואַלד, אַ קוויטש אע. „יִנגלעך אין כאַלאַטלעך... שיסן פּלוצעם אויס אין קולאַק אַ געלעכטער", ממוס, שלמה. „...שיסט אויס אַ מוראדיקן געלעכטער", שע, ,פֿאַרביטן די יוצרות,. „גיי רײַס פֿון זייער האַרץ אַן אוי, שיס אויס פֿון זייער אויג אַ טרער", ח. נ. ביאַליק, 'דאָס לעצטע וואָרט'. 2. עפּעס אַרויסזאָגן זייער גיך, מיט אַ קנאַק אָדער

אויסשיקן

אומגעריכט. א, אַ ידיעה, אַ בשׂורה, אַ קללה,

אַ זידלוואָרט. „...מיר אין אויער אויסגעשאָסן בסוד יענס מיאוס האַרבֿ וואָרט". ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „קיינער וועט ניט קענען אַזוי גוט אַרײַנלויפֿן... אין שטובֿ און געשווינד א, די בשׂורה", בערג, בײַס דניעפּער I.

3. אויסדריקן געפֿיל(ן) מיט שטאַרקייט אָדער אומגעריכט. א, דעם כּעס, דעם ווייטיק; א, דעם שרעק מיט אַ געוויין. „מײַנע געפֿילן זײַנען געוועזן פּולווער, זיך אָנגעצונדן און אויסגעשאָסן פֿון מינדסטן רײַבֿ", ממוס, קליאַטשע. „די באַלעבאָסטע [וואָס איז געווען אין כּעס] האָט אים באַגעגנט מיט אַ זויערן פּנים, זיך געקליבֿן אויסצושיסן", אָפּאַ, היברו. *א, די אויגן (אַ פּאָר אויגן) = א) אויסשטעלן די אויגן; בֿ) אַ גלאַנץ טאָן מיט די אויגן. א, אַ פֿויסט אין פּנים אַרײַן.

אויסשיסן — טרוו. שיס אויס, ~געשאָסן.

1. דערשיסן אַ צאָל (אַלע). א, די פֿאַרמשפּטע (געפֿאַנגענע) מיט אַ מאַשינביקס. א, די ווילדע חיות. 2. מיט אַ געווער אַרויסברענגען מיטל צום שעדיקן. א, אַ פֿײַל, אַ קויל אע. „...זײַנען געקומען די פּוחזים... אַזוי האָט מען אויסגעשאָסן אַ האַרמאַט", מע□ה אומן. „דאָס ביקסל האָט ניט אויסגעשאָסן די

קוילן“, לדבֿ, 163. 3. עפּעס קריגן מיט שיסן.
„זיך א, אַן אָנבײַסן אָדער אַ מיטאָג“, יג, טמז,
22 1□19 IX.

אויסשיסערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויסשיסן. געדויערדיקע אויסשיסונג. אַן
א, פֿון האַרמאַטן.

אויסשיפּען — ־פּע אויס, ~געשיפּעט. אוטוו
— מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסברענגען קלאַנגען
(ענלעכע צו) ש־ש. פּוטער שיפּעט אויס אויף
דער הייסער פּאַטעלניע. אַ שלאַנג שיפּעט אויס.
טרוו — מיט אומקלאָרע קלאַנגען (צווישן די
ציין) וואָס מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון ש־ש
עפּעט אויסדריקן. א, דעם כּעס, די בייזקייט.

אויסשיפֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~געשיפֿלט.
פֿירן אויף אַ שיפֿל, סתּם אַזוי, צוליב
פֿאַרגעניגן. א, די קינדער.

אויסשיפֿלען זיך — ← דפֿוו. זיך
דורכפֿאָרן אויף אַ שיפֿל (אין אַ גענוגיקער מאָס).
זיך או□באָדן, זיך א, און קומען אַהיים.
׳

אויסשיסן — טרוו. שיף אויס, ~געשיפֿט.
לאַקל (לעפּײַ, קורלאַנד). אַראָפּנעמען משׂא
פֿון שיף. א, סחורה, פּעק, קאַסטנס, געהילץ.

אויסשיסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַראָפּגיין פֿון שיף. „אום צוויי אור האָבּן זיי זיך אויסגעשיפֿט און געגעכטיקט אין קעסטל־גאַרדן,„ ייִפֿאָל, 24 XII 1881.
אויסשיפֿירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־שיפֿירט. דעשיפֿרירן. געפֿינען פֿאַרשטעלטן, געהיימען, אומבּאַקאָנטן אופֿן שרײַבּן און אויסלייענען. א, היעראָגליפֿן.
אויסשיצן — טרוו. שיץ אויס, ~געשיצט. (בּאַ)שיצן בּיזן סוף. א, עמעצן פֿון אַלע ס ננות.
אויסשיקאַטורען — דזוו אויסשטוקאַטורע(ווע)ן ←.
אויסשיקן — טרוו. שיק אויס, ~געשיקט. 1. שיקן אַ צאָל זאַכן. א, מתּנות, בּריוו, צירקולאַרן, בּיכער אאַזוו. 2. שיקן עמעצן אין

פֿאַרשיידענע מקומות. א, איבּער אַלע וויסטע דערפֿער, איבּער וועלדער און פֿעלדער. *א, וואו די וועלט האָט (נאָר) אַן עק = אומעטום, אין אַלע פֿאַרוואָרפֿענע ערטער. *א,

אומעטום וואו אָדם הראשון איז געווען =
איבער דער גאַנצער וועלט. 3. שיקן אַ צאָל
שילוחים, שיקן מיט אַ שליחות. „דיא יודן...
שיקטן אויז אזו וויט אַז יודן וורן דז זיא
זוילטן תשובה טון“, 'ר, מאיר ש“ץ', [פּש
I]. “אביר למחר האָט מחו'[תּנ] הנ“ל
שלוחים אויז גשיקט אונ, לאזין כּמה מינים
חשובי דגים הולין“, גה, 256. 4. אַרכ.
אַרויסשיקן. „שיקט אויז אונ, זייט אוייכש דר
ורוגן...“, בבא־בוך, 22. „...אַ משל איז צו אַ
מלך דער האָט בּריוו אויסגעשיקט אין אַלע
לענדער“, ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן,
וואַרשע תּר„ג.
אויסשיקעווען — אוטוו. ־עווע אויס, ~
געשיקעוועט. לאָקל (ראָדעם). אויסקאָמבּינירן,
אויסמאַרקירן. „זיי האָבּן אויסגעשיקעוועט אַז
זיי זאָלן אויסקומען אין דעם דאָרף פּונקט
פּרײַטיק פֿאַרנאַכט„, פּמ.
אויסשירהן — טרוו. שירה אויס, ~
געשירהט. נעאָל. אויסזינגען אויף אַ
געהויבּענעם און געקינצלטן אופֿן (ווי אַ לויב צו גאָט,
פֿײַערלעך, אַלטמאָדיש). „אין זײַנע מעשׂיות
פֿעלט ווערטער — וויפֿל הערלעכע
נאַטורשילדערונגען ער זאָל ניט א, מיט ווערטער“,

יג, תּוך.

אויסשירעמען — טרוו. ־עם אויס, ~ געשירעמט. 1. אויסהיטן (אויף אַ געהויבּענעם לשון). א, פֿון אַלדאָס בּייז. 2. אַרונטערנעמען אונטער אַן אָפּדאַך, שירעם; אַרײַננעמען אין אַ זיכער אָרט.

אויסשישען — דזוו אויססושען ←. פּר.

אויסשכורן — אויסשיכּורן.

אויסשלאָג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסשלאָגן. 2. אויסשיט, קרעץ. „פֿיל שלעפּן זיך אַרום מיט אַ שוואַכער בּרוסט, פֿיל האָבּן אַן א, אויף דעם לײַבּ“, קמ, 32 1865, No. 3. ארכ. הכרעה, צוגאָבּ צו וואָג, מאָס. „אונ ווען איינר וואַש וועגט זאַל ער איין אויש שלאַק געבּן — ניט צום גיוויכט צו, נייארט צו דעם דש ער צו וועגט,', לט 1/2, 105.

אויסשלאָגן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. שלאָגט אויס, ~געשלאָגן. 1. אָנקומען (וועגן צײַט). שלאָגן (קלאַפּן, קלינגען פֿון זייגער). עס שלאָגט אויס די שעה. „עס שלאָגט אויס איר לעצטע סעקונדע“, פּרץ, 'דרײַ מאָל גערופֿן'. 2. אויסבּרעכן (זיך) פֿון אונטער דער הויט. אַ צרעת, אַ מכּה, אַ געשוויר ־ שלאָגט אויס. מאָזלען האַבּן אויסגעשלאָגן.

3. ארכ א י ז אויסגעשלאָגן. געשען,
אויספֿאַלן; אויסלאָזן זיך. ,,...כּדי דאש אייניר אַם אנדרין נחת רוח העט, אבּיר עש איזט בּעו"ה
פֿיל אַנדרש אויז גישלאגין", גה, 216.
4. ארכ. אויסבּרעכן; אָנהייבּן זיך (וועגן אַ
געשלעג, קריג טומל אע). ,,דיזיר שטרײַט איזט
צום בּלוטיגין קריג אויז גישלאגין", גה, 173.
אויסשלאָגן — אַקוזוו. ← דפֿוו. 1.
אַרויסקריגן נוצן. פֿאַרדינען. *א, די צײַט = אויך:
▯
אויסניצן די צײַט. ,,אַז מיר פֿאָרן מיט דער
בּאַן, וועלן מיר א, די צײַט און לייענען". א,

אַ פּאָר טאָלער, אַ רובּל, אַ גראָשן אע. ,,אַרום
און אַרום קאָנען מיר א, אַ טאָלער אַ וואָך,,,
שע, מאָטל II. "וואָלט ער פֿון די 'שטונדן,
קענען א, אַ שיינעם גראָשן", אַל, ,דער
שׂפֿהבּרורהניק'. *א, די הוצאות — פֿאַרדינען וויפֿל
▯ --.
עס זײַנען געווען די הוצאות. ,,בּכדי
אויסצושלאָגן די הוצאות האָט זי מיטגעפֿירט אַ
בּיסל סחורה אָפּצוזעצן עס אין גלײַכן געלט",

ממוס, ווינטשפ. ‘‘אַז מע וויל זיך א, די הוצאות, שלאָגט מען זיך אויס די ציין‘‘, שוו. [← אויסשלאָגן, טרוו, בּ3]. ,,דש געלט ווערט מיר גירעכט, דש דוזיג וויל איך ניט בֿור לאשן... טויזנט גולדן דיא זיין ניט אויז צו שלאָגן‘‘, בּבא—בּוך, 284. ‘‘זא בּעיר אַחת איין חזן ומלמד אין שטיק גדונגן ווערט, זול שליש אחד על החזנות אויז גשלאגין ווירדן ושני שלישי', על המלמדות, הן בּשכירות והן בּמזונות,,, ,פּנקס הקהל דק‘‘ק רונקל', תּצ‘‘ג. [ייִבֿל I]. *א, אַ טאָג = פֿאַרדינען בּמשך פֿון טאָג אָדער אויף אַ טאָג לעבּן. ,,און וויפֿל קען מען שוין א אַ טאָג, אַז אַרום דיר ווימלען... אַוטאָבּוסן

,

און אַווטאָמאָבּילן‘‘, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנע1 מיר.

2. אויסקלאַפּן, אויסקלינגען און ווײַזן די צײַט. דער זייגער שלאָגט אויס פֿערטל־שעהן. ,,דער זייגער האָט שוין אויסגעשלאָגן האַלבּע נאַכט‘‘, שע, 'לאַטקעס'. ‘‘דער זייגער שלאָגט אויס דרײַצן‘‘, שע.

3. אַרכ. פֿאַרטרײַבּן, פֿאַריאָגן. ‘‘יום שבּת — מיין הערץ איז ניט בּטריבּט, מיין זאָרג איך אויז שלאָג, איך מיך וואול פֿר טראָג אונ

היבּ קיין קלאָג", שה, II. „אַז די כלה איז פּלוצלינג געשטאָרבּן...איז ער תּיכף געפֿאָרן מיט זײַן זון צום רבּין אַ בּיסל א, זײַן צער", ספֿר דובר שלום, פּשעמישל.

אויסשלאָגן — טרוו. ← דפֿוו. 1. שלאָגן אַ צאָל מאָל אָדער אַ צאָל מענטשן. דער יונגאַטש האָט אויסגעשלאָגן אַלע קינדער. אַז דו וועסט נאָך אַ מאָל אים א', וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דיר. „...מאַן זול מיך ניט מין [= מיין, מער] אויז שלאָגן אַז איין דיבּ [= גנבֿ]", ספֿר משליס, פּפֿדמ, 1686.

2. פֿאַרענדיקן שלאָגן; דורכשלאָגן. „וו אַ

קינד וואָס מע האָט געטרייסט נאָכן א', האָט ער גענומען זיך רשות צו שטאַמלען...", אַש, תּהילים־ייִד. א, אַ טעפּעך, א קאָלדרע.

3. אויסהאַקן, אויסבּרעכן. א אַ שויבּ. „אַז

גאָט זאָל וואוינען אויף דער ערד, וואָלטן אים די מענטשן די פֿענצטער אויסגעשלאָגן", שוו. „אַלע משוגעים שלאָגן יענעם די פֿענצטער אויס", שוו. א, די זײַטן, די בּיינער. דער האָגל שלאָגט אויס די תּבֿואה אויף די פֿעלדער.

4. אַרויסהאַקן, אַרויסקלאַפּן. א אַן אויג,

,

אַ פּאָר אויגן. „רײַסט דעם גבאי אויס די באָרד, שלאָגט אים אויס די פֿוילע ציין“, פּרץ, בײַנאכט אויפֿן אַלטן מאַרק. *א, די קני = פֿאַלן אויף די קני, קריכן אויף די קני. דז אויך: *א, אַ קני ערד. „אַ קני ערד וואָלטן זיי בײַ מיר אויסגעשלאָגן אָט־אָ דאָ, אויסציִען וואָלטן זיי זיך פֿאַר מײַנע אויגן“, שע, 'משוגעים'. *א, (בײַ) עמעצן דעם דנאָ = צונעמען דעם אָנהאַלט, בדלות שטעלן. „און דער סוף איז געווען אַז בײַ ביידע האָט מען

אויסשלאָגן

-

אויסגעשלאָגן דעם דנאָ“, בערדיטש עווסקי, וידישע ר[בי].

5. אויסבריקען, איבערקערן. „וואָס קומט מיר אַרויס פֿון דער גוטער קו וואָס גיט אַ סך מילך — אַז זי שלאָגט דאָס שעפֿל אויס?,', ש וו. „געטראָגן, געטראָגן — איז געקומען דער צאַפּ און אויסגעשלאָגן“, שוו.

6. אַרויסשלאָגן; מיט שלאָגן עפּעס דערגרייכן, אויפּטאָן. א, פֿרנקען, פֿײַער פֿון שטיין. א, וואַסער פֿון שטיין. „...שלאָגט אויס פֿײַער און צינדט אונטער דעם טאַבּעק אין דער ליולקע", ממוס, שלמה. „אויף דעם מזרח שלאָגם דער מאָרגן אויס די ערשטע ראָזע פֿונקען" הר, 'טוי'. "אַ טרונק אים א, וועל איך בײַ שטיינער פֿון מײַן האַרצן", פּמ, 'סתּם'.

7. פּראָדוצירן, פֿאַרריכטן דורך עפּעס וואָס דערמאָנט אין שלאָגן. „אַז מע שלאָגט — שלאָגט מען אויס פּוטער", שוו [= א) אַז מע שלאָגט אַ קינד, ווערט עס גוט; בּ) מע קען ניט וויסן וואָס עס קומט אַרויס פֿון שלאָגן]. „דערפֿאַר האָט מען דעם פֿלאַקס אויסגעשלאָגן פֿון שטרוי־שיריים...און אויסגעקעמט", ע. איזרא, צײַג, קיִעוו 1928. „צי דער לעקעך האָט זיך גלאַט גוט אויסגעבּאַקן, צי מע האָט אים גוט אויסגעשלאָגן", [= גוט דורכגעשלאָגן דאָס טייג, עס זאָל זײַן ווייך], שע, קלײַ־ע מענטשעלעך. „וויל איך אײַך דווקא א, מער האָניק ווי אַ גאַנץ יאָר", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „די פֿרויען שלאָגן אויס דעם רײַז", איק, פּסח תּשי"ז.

8. אויסהאַמערן, אויסקריצן,

אויסשטעמפּלען. אויסמינצן. א, מטבעות, מעדאַלן. ,,ער האָט אַליין אָנגעשריבן בײַם לעבן וואָס מע זאָל א, אויף זײַן מצבֿה“, קמ, 29 1865, No.
,,זעט, די צונגען בײַ די געצן האָט אַ מײַסטער אויסגעשלאָגן... פֿון דעם ריינסטן גאָלד“, פּרץ, לידער און פּאָעמען.
9. אויסקלאַפּן אַ טאַקט (ניגון, מעלאָדיע). א, א מאַרש אויפֿן פּויק. א אַ פֿריילעכס אויפֿן

,

- -

צימבל. א אַ האָפּקע מיט די פֿיס איבערן דיל.

,

פֿיג אויסדריקן עפּעס אַזוי ווי דורך אויסקלאַפּן אַ טאַקט. ,,חסידות איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער אוקראַאינער כאַטע; איר דופּק האָט אויסגעשלאָגן דעם ייִדנס פּײַן און אָרעמקייט“, א. שטיינמאן, ייִדן אין אוקראַאינע.
()10. אָפּוואַרפֿן, זאָגן גלײַך ניין. “אַ שידוך און אַ שמעק טאַבעק טאָר מען ניט גלײַך א'“, שוו. ,,נון איך האָב דען שדכין משיבֿ גיוועזין: איך שלאָג השידוך ניט אויז, אַך ורק

איך וויל עש אין בּידענק נעמין,,, גה, 216.
11. אונטערשלאָגן, אונטערלייגן וואַרעמען שטאָף; אויסבּעטן, אויסטאַפּעצירן (מעבּל). א, אַ בּורנעס, א, ווינטערמאַנטלען. א, אַ קאַנאַפּע. ,,אַ בּאַנקבּעטל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דערויף צו זיצן, טאָר מען עס ניט אײַנשלאָגן אָדער אויסשלאָגן“, לט2 1/65.
12. טרעפֿן אין אַ נוס (מיט אַ רעסל אָדער אַן אַנדער נוס). ,,אויסגעלייגט אַ שורה ניס. ווער עס ועט מיר א, פֿון דער שורה דער האָט געוואונען“, שע, 'געצל'. *שפּילן אין א'.
13. (שנײַדערײַ) דורכנייען אָדער אויספֿאַסטריגעווען צוויי שטיקלעך שטאָף, פֿאַרבּייגן בּיידע שטיקער שטאָף נאָך דער נאָט,

איבּעראויסשלאָגן זיך

שנײַדן די נאָט (און אַזוי אַרום בּאַקומען צייכנס אויפֿן שטאָף). א, צ ו פ̄ אָ ד ע ם דעם שטאָף.
אויסשלאָגן זיך — ← אויסשלאָגן, אוטוו.
1. קזוו. שלאָגן זיך איינער מיטן צווייטן, מיט אַ צאָל. ער שלאָגט זיך מיט אַלעמען אויס.
2. שלאָגן זיך און אויפֿהערן. זיך א, און

ווערן ווידער חבֿר. 3. אַרויסשלאָגן זיך. *זיך
א, פֿון די כּוחות = אָנווערן די כּוחות (בּײַ
אַן אַרבּעט). „איך האָב זיך אויסגעשלאָגן פֿון
די כּוחות, בּיז איך האָב זיך דערשלעפּט צו
אַ קרעטשמע“, קאָצאָוויטש.
א — דאָס (די), ־ן (־ער). אויך:
1. אויסשלאָג, בּ2. 2.
טואונג פֿון אויסשלאָגן.
אויסשלאָגעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשלאָגן (זיך).
אויסשלאָגער — דער, ־ס. (קינדער־לשון)
מזלדיק ניסל (אָדער רעסל) וואָס שלאָגט אויס
ניס (← אויסשלאָגן, טרוו, בּ2).
אויסשלאַכטונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסשלאַכטן. הריגה, אויסשעכטונג.
אויסשלאַכטן — טרוו. שלאַכט אויס, ~
געשלאַכט. אויסמאָרדן, אויסקוילען, אויסשעכטן,
אויסהרגענען. א, אַ גאַנצע שטאָט. „דאָס
גאַנצע פֿאָלק ווערט אויסגעשלאַכט ווי שאָף
און ישׂראלס נאָמען אָפּגעמעקט“, אַל, ,יהודה
המכּבי'.
אויסשלאָכ(צ)ען
— ש (צ צ)ז.
אויסכליאכ ע אויס, ~

געשלאָכ(צ)עט. אויך: ~ש כ
פּען, אוטוו & טרוו ←. אויך מיט ז י ך.
אויסשלאָנדערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשלאָנדערט. אָפּט מיט ז י ך , רעפֿלעקסיוו.
שרײַאיק אויספּוצן. „זענען נאָך די מחותנתטעס
ניט פֿערטיק מיט דעם א'“, צעד.
אויסשלאָנדערן, ~שלאָנדרעווען — דזוו
אויסשליאָנדערן, ~שליאָנדרעווען ←. פּפּ:
~שלאַנדערן, ~שלאַנדרעווען.
אויסשלאַפּען — טרוו. ־פּע אויס, ~
געשלאַפּעט. אויסטרעטן מיט שווערקייט;
אויסבּראָדזשען. א, די בּלאָטע, דעם שניי.
אויסשלאַפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשלאַפֿן. ניט קיין קראַנקייט,
נאָר סתּם אַן א'.
אויסשלאַפֿן — —טרוו. שלאַף אויס, ~
געשלאַפֿט. אויך מיט ז י ך. מאַכן שלאַף,
שוואַך, קרענקלעך. א, עמעצן מיט אַ
הונגערדיִעטע. א, דעם מוט.
אויסשלאָפֿן — אַקוזוו. שלאָף אויס, ~
געשלאָפֿן [אויך מיט בּ י ן]. דורכשלאָפֿן בּיזן
פֿילן אַז עס איז גענוג; אויסרוען, שלאָפֿן בּעת
עפּעס קומט פֿאָר. א אַ לאַנגן שלאָף. לאָמיך

,

א, דעם קאָפּ. א, די גאַנצע דרשה. "לאָז דיך
ניט דער יצר הרע איבּער רידן, אים זומר —
דוא האשט נאָך ניט אויז גישלאפֿן, אונ אין
ווינטר — אין דער קעלט אויף צו שטיין",
ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ג/בּ. „זיי האָבּן
שוין אָבּער אַזעלכע פּענסיעס לאַנג
אויסגעשלאָפֿן", קמ, 21 1865, No. „...אַ טאָג, אָדער
צוויי... אויסגעשלאָפֿן די מידקייט„, בּאַש, פֿאָר,
18 1959 □I.

אויסשלאָפֿן זיך □ אוטוו. ← דפֿוו. 1. שלאָפֿן
בּיז מער ניט קענען (וועלן, דאַרפֿן). *א, זיך

376

אויף אַלע זײַטן = זיך גוט א'. „אין זומר
גידעכט ער דיא נאַכט איז קאָרץ, איו האבּ
מיך נאָך ניש אויש גישלאפֿן„, לט1, 1/19.
„וואָס איז עפּעס? לאָז מיך שלאָפֿן! — ווערסט
זיך א'! שלאָפֿסט אַ דאַנק גאָט זייער
געשמאַק", יר I. *קוים זיך אויסגעשלאָפֿן! (צו
עמעצן וואָס קומט שפּעט אָדער כאַפּט זיך ניט
גלײַך אין וואָס עס גייט).

2. זיך אויסרוען; ווערן פֿריש, וואַך,
לעבּעדיק (און זיך נעמען צו עפּעס). זיך א, צו

דער אַרבעט. שלאָף זיך אויס! (צו עמעצן וואָס
האָט ניט דערהערט פֿרעגט איבער, ווייסט ניט
,
וואָס עס קומט פֿאָר אַרום אים). ,,דער
יצרטובֿ האָט זיך אויסגעשלאָפֿן, ווען דער
יצרהרע איז פֿאָרויס געלאָפֿן“, שוו. ,,איידער די
ייִדישע מחבּרים וועלן זיך א אַרויסצוגעבן די
,
ספֿרים... וועל איך דערווײַל מיך פּרוּוון....,,
ממוס, מסעות.
3. אויסניכטערן זיך. ווערן רעאַליסטיש,
קומען צו זיך. א, זיך נאָך אַ טשאַד. א, זיך
און פֿאַרגעסן פּוסטע חלומות. ,,אַ שיכּור
קען זיך א', אָבער אַ נאַר קען קליגער ניט
ווערן“, שוו.
אויסשלאָפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשלאָפֿן (זיך), איר
בּײַטעם.
אויסשלאַק — דער, ־ן. 1. אויסשלאָג,
אויסשיט, קרעץ, צרעת. ,,נעבן ציונס מויער זענען
די שטיבעלעך פֿון די מצורעים (וואָס האָבן אַן
אויסשלאַק),,, קמ, 13 1864, No. בּײַ אמד
אייפּעמיזם פֿאַר פּאַרך. 2. אָנגרייט פֿון
מאַטעריאַל, סחורה, אָדער געלט צו קענען זיך

אײַנשאַפֿן אָנגרייט; אַוואַנס. „...ער זאָל קענען
גענוג אײַזן אויפֿקויפֿן... צו האָבן גענוג
פֿאָרשוס (אויסשלאַק) צו זײַן אַרבעט“, ליאָנדאָר,
בש, 1844. tב, יט/א: “הכרעה — אויש שלק“.
„...מוז מען א, האָבן (מזומן)...אום צו לעבן“,
אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878.
אויסשלוכצן, ~שלויכצן

— ־כ

שלוכאויס,
~געשלוכצט, ~געשלויכצט. אויך:~
צען. אויסכליפּען, אוטוו & טרוו ←. אויך
מיט ז י ך.
אויסשלומערן — ־ער אויס, ~געשלומערט.
אויסדרימלען ←, אוטוו & טרוו.
אויסשלומפּערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשלומפּערט. מאַכן אַ שלומפּער. אויסברודיקן,
אויסשמוצ(יק)ן. א, דאָס קלייד.
אויסשלומפּערן זיך — ← דפּוו. טראָגן
צעריסענע פֿאַרשלומפּערטע בגדים. זיך
אויפֿ,
פֿירן אומריין. זיך א, אין די מלחמה־יאָרן.
אויסשלוקן — טרוו. שלוק אויס, ~געשלוקט.
דטשמ. מיט איין שלינג (אָדער עטלעכע)
אַרײַננעמען אין זיך. א אַ גלאָז וואַסער. א,

דִי פּילן.

קערצט. אויך: ~שלוּ כצן. אוטוי —

אויסשלוקערצן — ־ער אויס, ~

געשלומיטאַמאָל אָנהייבּן איקען, היקען. געבּן איין שלוקערץ. טרוו — מיט שלוקערצן עפּעס אַרויסבּרענגען. א אַ בּיינדל. א אַ וואָרט.

אויסשלאַיען זיך — אוטוו. אַיע זיך אויס, זיך ~געשליאַיעט. סל. אויסשלעפּן זיך. א, זיך איבּער שענקען, מיט בּחורים, מיט מוידן.

אויסשליאָנדערן, ~שליאָנדרעווען —

אויסשלינגען

אַקוזוו. ־ער, ־עווע אויס, ~געשליאָנדערט, ־נדרעוועט. גיין (הין און צוריק) אָן בּאַשטימטן ציל, פּאַמעלעך. א, די גאַסן. מיס ז י ך — זיך א, איבּער די גאַסן.

אויסשליאַנטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~געשליאַנטעוועט. (סטאָליערײַ) אויסהובּלען די קאַנטן, די בּרעגעס, מיט אַ קליינעם הובּל.

(ראָדעם).

אויסשליאַקן, ־קעווען — טרוו.

שליאַק(עווע▯ אויס, ~געשליאַק(עווע)ט. 1. (שטיקערײַ) מאַכן קאָנטיקן קאַנט. 2. (שנײַדערײַ) אויסמעסטן מיט אַ פּאַס פֿון פּאַפּיר. א, די לענג און די ברייט פֿון אַ מלבוש.

אויסשליטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געשליטלט. פֿירן אויף אַ שליטל (שליטן), סתּם אַזוי, צוליב פֿאַרגעניגן. א, די קינדער.

אויסשליטלען זיך — ← דפֿוו. זיך דורכפֿאָרן אויף אַ שליטל (שליטן). זיך א, אין אַ פֿראָסטיקער נאַכט.

אויסשלײַדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשלײַדערט. שלײַדערן, וואַרפֿן מיט כּוח, אַ צאָל (זאַכן, מענטשן). א, די היטערס בײַם אַרײַנגאַנג און זיך אַרײַנרײַסן. א, די פֿלעשער בײַם שלאָגן זיך.

אויסשלייערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשלייערט. אָנטאָן אַ שלייער אויף עמעצן; אויספּוצן מיט (אין) אַ שלייער; אויספּוצן מיט אַ וואואַלקע אע. א, די כּלה, א, צום באַדעקנס. א אַ

,

מיידל ווי צו אַ חתונה.

אויסשלייערן זיך — ← דפֿוו. אויספּוצן

זיך. א, זיך ווי חוהלע (גיטעלע, חיהלע, בּרײַנדעלע) צום גט [ווען די העלדין האָט אָנגעטאָן אַ שײן קלייד]. „זע נאָר, זע ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעשלייערט“, אָפּאַ, אַליין. „זיך אויסגעשלייערט ווי אַ שײן מיידל“, ספּ, יִדישער קאָלאָניסט.

אויסשלייפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשלײַפֿן. אַן א, אויף דער בּרוסט.

אויסשלײַפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסשלײַפֿן. אַן א, ווי פֿון אַ חלף.

אויסשלײַפֿן — טרוו. שלייף אויס, ~ געשלײַפֿט. אויך מיט ז י ך. 1. מאַכן, אויסבינדן אַ שלייף, אין פֿאָרעם פֿון אַ שלייף. א, אַ סטענגע. „דער למד האָט אויסגעשלייפֿט זיך ווי אַ תּליה“, מאָל, 'אותיות'. 2. (שנײַדערײַ) אײַנשנײַדן און אַרומנייען מיט איבּערגעוואָרפֿענע שטעך אַ קנאָפּלאָך, לעכל; מאַכן בּוטלקעס = קנאָפּלעכער. א, בּוטלקעס, קנאָפּלעכער. א, אַ מלבּוש.

אויסשליי ן — טרוו. שלײַף אויס, ~ געשלײַפֿט, ~געשליפֿן. 1. אויסשאַרפֿן אויף אַ שלײַפֿשטיין. א אַ מעסער, אַ הובל, אַ חלף,

,

אַ שער אאַ. „אַך זול מן דיא מעסר שון
אויז שלײַפֿן, דאז זיא גלינצרן און שאַרף זיין
צום שבת“, לט1, 2/64. 2. פֿאַרענדיקן מאַכן
(שאַרף) גלאַנציק, גלאַט. א, דימענטן. א,
קרישטאָל, גלאָזוואַרג.

אויסשלײַפֿער — דער, ־ס. ווער עס
פֿאַרנעמט זיך מיט אויסשלײַפֿן. „...תּובֿל־קינען,
דעם א, פֿון אַלערליי קופּער־ און אײַזן־
געצײַג„, תי, בּראשית, ד, 2 .

אויסשלינגען — טרוו. שלינג אויס, ~

געאויסשליסונג

שלונגען. 1. פֿאַרענדיקן שלינגען; שלינגען
אַ צאָל. „אַזוי פֿאַמעלעכן האָבּן מיר
אויסגעשלונגען אַלע זעקס שאַכטלען פּילן“, נאַד.
2. אויפֿעסן גיך, מיט גרויסע בּיסנס. א, (די
שיסל) בּולבּעס.

אויסשליסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשליסן. די א, פֿון דעם
חבֿר האָט געמאַכט אַ רושם. „די א, פֿון
יעטוועדער וויסן“, מוו, איבּז, אַרײַנפֿיר אין
פּסיכאָאַנאַליז.

אויסשליסל — דער, ־ען. נעאָל. קנעפּל,

הענטל, אַפּאַראַט אויסצושליסן עלעקטרע,
פֿאַרלעשן גאַז. פֿווּב.
אויסשליסלעך — אַדי. וואָס איז באַזונדער,
ספּעציעל, בלויז; וואָס איז שייַך (געהערט)
בלויז צו איינעם פֿון אַ גרופּע אָדער צו איין
גרופּע צווישן אַ צאָל גרופּעס. א, רעכט, א'ער
באַזיץ. „בײַ די הײַנטיקע שרײַבער זײַנען
פֿאַראַן צײַטן, ווען זייער פּען דינט א, דער
פֿאָלקסשפּראַך“, בעל־מחשבֿות ׳ יI. „די
געזעלשאַפֿט האָט צוויי פֿאַרוואַלטונגען: איינע וואָס
פֿירט אָן די געלט אַקציע... און די צווייטע
-

פֿאַרנעמט זיך א, מיט אָרגאַניזירן דעם
טעאַטער„, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.
אויסשליסן — טרוו. שליס אויס, ~געשלאָסן.
1. באַזײַטיקן, אַרויסוואַרפֿן; אויסמעקן פֿון
דער רשימה מיטגלידער. א, עמעצן פֿון אַ
פֿאַראיין, פּאַרטיי, חבֿרה. א, פֿון
אוניווערסיטעט פֿון שול. „עס האָט געהאַלטן דערבײַ,
,
אַז מע זאָל דאָס בחורל א,... פֿון דער
אויעזדנע„, שע, פֿונעם יאַריד II. *א, פֿון דער
געזעלשאַפֿט = ניט האָבן צו טאָן, ניט פֿאַרבעטן

אין ערגעץ. 2. ניט אַרײַננעמען, ניט נעמען אין באַטראַכט. א, די פֿראַגע פֿון דער דעבאַטע.

3. אַרויסנעמען פֿון עפּעס. א, פֿון אַ קאָלעקציע. א, די גאַנצע פֿון אַן אומעכטער בּרוכצאָל = אויב דער ציילער פֿון בּרוכצאָל איז גרעסער ווי דער וויַזער, אַוועקשטעלן באַזונדער די גאַנצע צאָל, למשל אַנשטאָט □ — □2.

4. אַרויסנעמען פֿון אַ קייט, סיסטעם. א, די עלעקטרע. א, אַ מאַשין. „דערנאָך האָט זי פֿאַמעלעך, אָן געאײַל,...אין מאַשין אויסגעשלאָסן דעם פּעדאַל“, מאָל, פֿריידקע.

5. (דרוקערײַ) מאַכן פֿרײַ, לויז, אַ גראַנקע וואָס איז שוין געווען אײַנגעשלאָסן. א, אַ גראַנקע און איבערבײַטן אַ שורה. 6. (סטאָליערײַ) אַרײַנשטעלן די צאַרגעס אין די פֿיס, די לײַסטלעך וואָס פֿאַרבינדן די פֿיס פֿון אַ שטול, טיש. א, די פֿיס(לעך).

אויסשליסן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך אָפּזו□־דערן, זיך דערווײַטערן. זיך א, פֿון דער חבֿרה, דער געזעלשאַפֿט. „דיא רחמים פֿון הקבּ“ה זיינן אַלי מאָל אויף רבּים, קער זיך איין יחיד ניט אַליין אויש שליסן פֿון רבּים“, נצ1, ט/ד.

2. ניט (אַרײַנ)גערעכנט ווערן. „מן פֿלעגט וואול צו שייאן זוגות, אבֿר דאש כּוס של בּרכה שליסט זיך פֿון חשבֿון אויש„, עיון, 1/41. 3. אַרויסהייבֿן זיך, אַרויסקומען. „...האָט זיך אונטער איר פֿענצטער אַ רויז פֿון איר קנאָספּ אויסגעשלאָסן“, הר, „דער חתן קומט„.

3,

אויסשליסער — דער, ־ס. מיטל, קנעפּל, מאַשינקע אויסצושליסן (פֿון דער ווירקונג פֿון אַ שטראָם ענערגיע). עלעקטרע־א„ אויטאָמאַטישער א'. „גיך גיט ער זיך אַ לאָז צום עלעקטרע־א', האַסטיק דרייט ער אַרויס די שײַן„, ה. דאָבֿין, אָף דעך ווײַסרוסישער ערד.

אויסשלעגעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּר. אויסשלאָגעכץ. געשלעג.

אויסשלעגער — דער, ־ס. ווער עס שלאָגט אויס. אַ הונצוואָט, אַן א'.

אויסשלעגערײַ — דאָס & די, ־ען. געשלעג מיט רציחה, מיט מעסערשטעך אע. אַזאַ א, אַז מע האָט דרײַ חבֿרה־לײַט געדאַרפֿט

אַוועקפֿירן אין שפּיטאָל.
אויסשלעכטן — טרוו. שלעכט אויס, ~
גערשלעכט. זן. מאַכן פֿאַר שלעכט(ע). „זײ גלייבן.
מע וועט...קינדער א'“, ל. פּימסנשטיין, תּיקון
לייבאַלע, לעמבערג 1894.
אויסשלעכטסן — טרוו [פּערזאָן אין
דאַטיוו]. שלעכטס אויס, ~געשלעכטסט. פּר.
אויסטראַכטן, אָפּטאָן ▯ טלעכטס. „וואָס דער רשע
האָט מיר אויסגעשלעכטסט!“, רייד.
אויסשלענגלען — טרוו. ־גל אויס, ~
געשלענגלט. אויסדרייען, אויסוויקלען אין אַ
פֿאָרעם וואָס זאָל דערמאָנען אַ שלאַנג. א,
פּאַסן קאָלירט פּאַפּיר צו באַפּוצן דעם זאַל.
אויסשלענגלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסדרייען זיך, אויסציִען זיך מיט קרומע,
כוואַליעדיקע ליניעס. די סטעזשקע שלענגלט זיך
אויס צווישן דער תּבֿואה. דאָס טײַכעלע
שלענגלט זיך אויס.
אויסשלעפּן — טרוו. שלעפּ אויס, ~
געשלעפּט. שלעפּן איבער אַ צאָל ערטער;
שלעפּן אַ צאָל. א, אַלע קינדער אויף די פּלייצעס.
„און וויפֿל האָר איך האָב אין קאָפּ, איבער
אַזוי פֿיל הײַזער האָסטו מיך שוין
אויסגעשלעפּט“, ממוס, 'שם און יפֿת'!

אויסשלעפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אַרומשלעפּן זיך, זיך אויסוואַלגערן. זיך א, איבּער די היַיזער. זיך א, מיט שלעכטע חבֿרים.

פֿערט. אויך: ~ש▯ריו ־ער אויס, ~

געשלע▯

אויסשלעפֿערן

עפֿן (פּר).

אַרויסבּרענ▯I.

גען פֿון צושטאַנד פֿון שלעפֿעריקייט, היפּוך פֿון איַינשלעפֿערן. מע דאַרף בּאַלד זיך לאָזן אין וועג און מע וועט דאַרפֿן א, די קינדער.

אויסשמאָדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשמאָדערט. אויסבּרודיקן, אויסשמוצ(י)קן; אויסשלומפּערן. א, די קליידער.

אויסשמאָטשקען — טרוו. ־קע אויס, ~ געשמאָטשקעט. מג, פּר. דזוו אויססמאָטשקען ←. א, די בּיינדעלעך.

אויסשמאַכטן — אוטוו. שמאַכט אויס, ~ געשמאַכט. אינגאַנצן פֿאַרלירן כּוחות (פֿון בּאַ. גערן אָדער בּענקען נאָך עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט דערגרייכן). א, אין תּפֿיסה די בּעסטע יאָרן פֿון לעבּן. א, נאָך עפּעס. „און אַז אין

שטומען הויז פֿאַרגיין וועט פֿלאַם אין שאָטן —
אויסגעשמאַכט...“, אפֿא, 'אין שטומען הויז'.
אויסשמאָכן — אוטוו. שמאָך אויס, ~
געשמאַכט. אויסגלאַנצן מיט בּיליקע און
נישטיקע בּאַפּוצונגען. א, מיט וואָלוועלע
קרעלכלעך, מיט פּאַטשערקעס.

אויסשמויסן

-

אויסשמאָלן — דזוו אויסשמעלן ←. לר.
אויסשמאָצקען — ־קע אויס, ~
געשמאָצקעט. אוסוו — (פֿאַרבּייגן די אונטערשטע
ליפּ אונטער די אייבּערשטע ציין, אַ בּיסל
אַרויסשטאַרצן די אייבּערשטע ליפּ און)
אַרויסלאָזן קלאַנג אונטערצויאָגן פֿערד. א, צו די
פֿערד. טרוו — דזוו אויססמאָצקען ←.
אויסשמאָקטשען, ־קצען — טרוו. ־טשע,
־צע אויס; ~געשמאָקטשעט, ~געשמאָקצעט.
דזוו אויססמאָטשקען ←. „די פּרי האָט דרײַ
לעכער, דורך וואַנען מע קען א, די זאַפֿט„,
אַלטער־לעבּ, ראָבּיגזאָהן I, וואַרשע 1880.
אויסשמאָרגלען — ← אויסשמערגלען.

אויסשמאָרן — טרוו. שמאָר אויס, ~
געשמאָרט. אויסדעמפּן אָדער אויספּרעגלען אין
אַ צוגעמאַכטער כּלי. א, פֿלייש. [בּײַם א,
צעשנײַדט מען דאָס פֿלייש אויף קליינע שטיקלעך].
אויסשמאָרען —אוטוו. ־רע אויס, ~
געשמאַרעט. 1. הילכיק אַרײַנציִען אָדער
אַרויסלאָזן לופֿט דורך דער נאָז. פֿערד שמאָרען
אויס. 2. אויספּאַטשן מיטן ווײדל (געוויינטלעך
וועגן פֿערד).
אויסשמאַרצן — אוטוו. שמאַרץ אויס, ~
געשמאַרצט. אָנהייבן (אָדער אין אַ צאָל ערטער)
ווי טאָן מיט אַ בּרעניקן, בּײַסיקן ווייטיק.
דאָס גאַנצע לײַב שמאַרצט אויס. די וואונד
שמאַרצט אויס און לאָזט ניט שלאָפֿן.
אויסשמדן — [...שמאַדן] טרוו. שמד אויס,
~געשמדט. 1. צווינגען אָפֿיציעל אַריבּערגיין
פֿון דער ייִדישער אמונה אין אַן אַנדער גלויבּן.
א, מיט פֿײַער און שווערד. ,,דער מלך
פֿערדינאַנד האָט געוואָלט אַלע ייִדן אין שפּאַניע
אומבּרענגען אָדער א'“, שארית י□ראל, [לבֿובֿ?].
2. ווירקן (מיט צוזאָגן, עגאָאיסטישע,
קאַריעריסטישע מאָטיוון) אַז אַ ייִד (ייִדן) זאָל(ן)
אָפֿיציעל אַריבּערגיין אין אַן אַנדער אמונה. ,,דאָס
געזעץ וועגן פֿראָצענט־נאָרמע אין די צאַרישע

אוניווערסיטעטן האָט אויסגעשמדט אַ צאָל יונגעלײַט,,. 3. פֿאַרפֿירן אויף זינדיקע וועגן, ווירקן מע זאָל ווערן פֿרײַ, אויס פֿרום. ,,דער פּושע ישׂראל האָט אויסגעשמדט אָ האַלבע שטאָט בחורים,,.

אויסשמדן זיך — ← דפֿוו. דזוו שמדן זיך, נאָר עמפֿאַטישער. ,,אָט וועט איר זען... אַז העכער האַלבּ וועלן זיך א'", שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.

אויסשמוגלען — טרוו. ־גל אויס, ~ געשמוגלט. 1. אַרויסשמוגלען. אַ צאָל מאָל אָדער דורך פֿאַרשיידענע ערטער פֿירן קאָנטראַבאַנד, אָדער פֿירן, האַנדלען מיט סחורה אויף אַן אומגעזעצלעכן אופֿן. א, ווײַנען פֿון פֿראַנקרײַך, דימענטן פֿון דרום אַפֿריקע.

2. אַרויסקריגן עפּעס קעגן די אײַנגעשטעלטע תּקנות. א, די ענטפֿערס אויף די עקזאַמענפֿראַגעס.

אויסשמוזערן — טרוו. ־ער אויס, ~

געשמוזערט. < שמוזער < שמועסער. (
גנבֿימשפּראַך). בכּיוון אָפּציִען עמעצנס
אויפֿמערקשאַפֿט (כּדי מע זאָל קענען גנבֿענען). א, דעם
נאַרישן קרעמער.
אויסשמויסן — טרוו. שמויס אויס, ~
געשמויסט. 1. לאָקל (יורבורג, ליטע).
אויסנאַרן, אויסזשוליקן. א אַ פּויער. 2. לאָקל
,

אויסשמוכטן

(בעס, דרום־פּאָד). אונטערנייען ווינטערמאַנטל
(פּעלץ) מיט שמויסן [באַארבעטע פֿעלכלעך פֿון
שאָף. אויך: באַראַשקע].
אויסשמוכטן — טרוו. שמוכט אויס, ~
געשמוכט. אויסשטינקען (ספּעציעל מיט רויך
פֿון טאַבעק, רויך בכלל). א, די שטוב מיט
מאַכאָרקע.
אויסשמוכלען — דזוו אויסשמוגלען ←.
(זאַמעט, לר).
אויסשמועס — דער, ־ן. 1. לענגערער
שמועס, איבעררייד; אַן אויסטענהן זיך. „[נאָכן
פֿאַרטיידיקן זיך מצד דעם מיטשמועסע]
געפֿעלט דיר אַ ביסל אַן א, פֿון אַ לאַנד־חכם?“,

שע, קינדערשפּיל. „...מײַן העלד פֿירט מיט מיר אַזאַ שײנעם א'“, ייִפּאָל, 1887, No 17.
2. אויסטײַטש, דערקלערונג מיטן אַרײַנברענגען קאָנקרעטע פֿאַלן, בײַם לערנען גמרא. „...האָט קנאַפּ וואָס פֿאַרשטאַנען דעם א', שכנא האָלצהעקער, לעמבערג 1891.
אויסשמועסן — טרוו. ־עס אויס, ~ געשמועסט. 1. אַנאַליזירן, באַטראַכטן אין אַ שמועס. א, אַן ענין. 2. אויסטײַטשן (← אויסשמועס, ב2). 3. קומען צו אַ הסכּם, בשותּפֿישן אויספּיר נאָך אַ שמועס. א, די רעזאָלוציע וואָס מיר דרײַ וועלן פֿאָרלייגן.
אויסשמועסן זיך — ← דפּוו. קזוו. אויסריידן זיך, אויסטענהן זיך. „ווי גוט עס וואָלט געווען... און מען קען זיך מיט אײַך א, אונטער פֿיר אויגן“, שע, 'יקנה"ז'. "אַלע אונדזערע שׂונאים זאָל אָנקומען אַזאַ שוועריקייט אויף די געמיטער, ווי מיר נאָך דעם גאַנצן א, און אויסריידן זיך פֿון האַרץ“, ווײַס, 'איינער אַ מענטש'.
אויסשמוצ(יק)ן — טרוו. שמוץ (־ציק) אויס, ~געשמוצ(יק)ט. מאַכן אומריין, שמוציק, ברודיק. א, די קליידער. א, זײַן נאָמען, רעפּוטאַציע.

אויסשמוצערן — ־ער אויס, ~געשמוצערט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסגעבֿן קלאַנגען ווי אַ פֿויגל אָדער געוויסע אינזעקטן (גרילן, למשל). „ווען עס נעמט גרויען דער פֿאַרטאָג, שמוצערן אויס די פֿייגעלעך אונטער מײַן פֿענצטער„. טרוו — מיט אומקלאָרע קלאַנגען וואָס חזרן זיך איבֿער עפּעס אויסדריקן. א, געפֿילן פֿון ליבשאַפֿט.
אויסשמוצערן זיך — ← דפֿוו. שמוצערן אַ לענגערע צײַט און אויפֿהערן. די גרילן קענען גאָרניט זיך א,.
אויסשמוקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשמוקן. אויספּוצונג. „...האָבן איבערגענומען די פֿאַרגרעסערונג און א, [פֿון] בעט־זאַל“, ארז, קמ, 14 1867, No.
אויסשמוקן — טרוו. שמוק אויס, ~ געשמוקט. אָפֿט מיט ז י ך. אויסצירן, אויספּוצן, צוגעבֿן שמוק. „אַזוי האָט מען אויך די ביִאָגראפֿיע פֿון דעם ר, מרדכי מײַזל אויסגעשמוקט מיט וואונדער“, קמ, l866, No l2.
אויסשמורגל(עוו)ען — טרוו. ־גל(עווע) אויס, ~געשמורגל(עווע)ט. אויך מיט ז י ך.
1. אויסטראָיען, אויסצאַצקען שרײַאיק, מיט שלעכטן געשמאַק. א, זיך מיט בלעכלעך.

2. קאַליע מאַכן דאָס אויסזען מיט שמינקע. א, דאָס פּנים.

אויסשמידונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשמידן.

אויסשמידן — טרוו. שמיד אויס, ~ געשמידט. 1. אויסאַרבעטן עפּעס פֿון מעטאַל דורך שמידן. א, אַ מעדאַליאָן, אַ מטבע. 2. אויסהאַמערן אין אַבסטראַקטן, איבערגעטראָגענעם זינען; אויספֿעסטיקן. א, דאָס באַוואוסטזײַן. א, אַ פּראָיעקט, פּלענער. „פֿון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום, שמיד אויס פֿאַר זיך אַ האַרץ, דו מענטש, און קום“, ביאַליק, שחיטה־שטאָט. „און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות דעם וואונדער פֿון ווילן און ווײ צו לעבן פֿאַר הייליקע תּורות און שטאַרבן מיט פֿעסטקייט פֿאַר זײ,,, אַל, ,ייִדיש'.

אויסשמידן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן האַרט פֿעסט, אויסגעהאַמערט. דער ווילן

,

שמידט זיך אויס. עס שמידט זיך אויס אַ

נײַער דור קעמפֿערס.

אויסשמייגערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשמייגערט. שלימזלדיק, נאַריש, אומגעלומפּערט עפּעס אַרויסקריגן. א, אַ גוט וואָרט, אַ פּאָר גראָשנס.

אויסשמייכלען — ־כל אויס, ~געשמייכלט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן שמייכלען. „זי האָט אויסגעשמייכלט און עס איז ליכטיק געוואָרן איר פּנים". טרוו — נעאָל. מילד אויסלאַכן; מאַכן ווייניקער ווייטיק דורך אַ שמייכל. „טשעכאָוו — האָט נישט פֿאַרמשפּט די ירידהשע העלדן זײַנע, ער האָט זיי אַפֿילו נישט אויסגעלאַכט, אָבער אויסגעשמייכלט האָט ער זיי", אפֿא, טמז, 28 1960 XI.

אויסשמייכלען זיך — ← דפּוו. 1. שמייכלען, דזוו אויסשמייכלען, אוטוו. „...האָט זיך שלעכט געפֿילט אין דער ערנסטער, רבנישגאונישער שטוב פֿון ר, יהושיִעלע קוטנער. דאָ האָט זיך זעלטן ווער אויסגעשמייכלט", ייִט. 2. צעשמייכלען זיך. „סמאל האָט זיך אויפֿן גאַנצן אויסגעפֿרעסענעם פּנים אויסגעשמייכלט ווי אַ פּגר אומגעוואַשן", ייִט, טאָג, 1959 .9 ▯

אויסשמייסן — טרוו. שמײַס אויס, ~

געשמיסן. 1. שלאָגן אַ צאָל מאָל מיט אַ רוט, ריטל, קאַנטשיק אע (געוויינטלעך אין ווייכן חלק). א, קינדער, דאָס פֿערדל. „דער פֿאָטער האָט אויסגעפּאַטשט, די מוטער — אויסגעקנײַפּט פֿעטערס און מומעס — אויסגעג,

שריִען, און די מלמדים — אויסגעשמיסן אַ פֿײַן חתן־בּחורל", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. סגולה: ווען אַ קינד האָט אַ טבֿע צו וויינען בּײַנאַכט — א, אים מיט יאַמשענע פּרוטקעלעך. 2. שטרענג אויסמוסרן, פֿירוואַרפֿן עוולות. דערמאָנען עמעצן אַלע זײַנע שטיק, גוט א, מיט אַ שאַרף צינגל.

מיט ז י ך = א) קלאַפּן זיך מיט אַ בעזעמל בּײַם פּאַרען זיך אין בּאָד. "...האָט מיר געהייסן גיין אין בּאָד, מחילה, א, זיך, לאָזן זיך שטעלן בּאַנקעס", ממוס, פֿישקע. בּ) זיך מודה זײַן אין שלעכטע מעשׂים אָדער זיך טאַדלען. "די נײַע פּאַרטיי־ליניע פֿאַרלאַנגט מע זאָל זיך א'", סאָוו.

אויסשמייסעניש — דאָס (די), ־ן.

געדוי -

ערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשמײַסן (זיך).

אויסשמירן

אויסשמייסער — דער, ־ס. 1. ווער עס
--
פֿאַרנעמט זיך מיט אויסשמײַסן אין באָד (בײַם
פּאַרען זיך). אַ געניטער א'. 2. ווער עס
קריטיקירט שאַרף, אומבּרחמנותדיק. ,,זײַן עובֿדא
אין דער צײַטונג איז צו זײַן אַ יאָריקער א'‘‘,
רייד.
אויסשמייען — אוטוו. שמײַע אויס, ~
גע־־
שמײַעט. אַרומלויפֿן, שמײַען אַ סך. א, פֿון
כאַסיען צו באַסיען.
אויסשמינקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געשמינקעט. אויך: ~שמינקעווען.
אַרויפֿלייגן (אויספֿאַרבּן מיט) שמינקע. די אַקטיאָרן
שמינקעווען זיך אויס. זיך א, אַזוי מע זאָל ניט
דערקענען.
אויסשמיר — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסשמירן.
אויסשמירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשמירן. ניט קיין בּילד,
נאָר אַן א,.

אויסשמירן — טרוו. שמיר אויס, ~געשמירט.

1. באַדעקן מיט אַ פֿליסיקייט אָדער אַ ווייכער סובסטאַנץ וואָס האָט אין זיך פֿעטס. א, בלעך, אַ בעקן, בעקעלע אע מיט בוימל, פּוטער אע (כּדי דאָס געבעקס זאָל זיך ניט צוקלעפּן בײַם באַקן). א, חלה מיט איי. א, שטיוול מיט טראָן, דזעגעכץ אע. א, מיט זאַלב עס זאָל היילן. „און זאָל זיין קליידר אויז בערשטן, דז קיין פֿעדר ניט דראָן הענגט און זייני שוך ריין אויז שמירן„, לט1, 2/57. „ווען איינער קויפֿט אייל אויסצושמירן כּלים איז ער פּטור פֿון דמאי„, זרעים, כו/ב. „בוימל וואָס איז פֿאַרשטונקען געוואָרן איז ראוי אויסצושמירן פֿעל מיט דעם„, שהמ, לו/ד.

2. אַרײַנלאָזן פֿעטס אין אַ טייל פֿון אַ מאַשין (וואָגן, טיר אאַ), עס זאָל זיך בעסער דרייען. א, די זאַווּעסעס פֿון דער טיר, זיי זאָלן ניט סקריפּען. א, די ניימאַשין. „דאַרף מען פֿריִער גוט א, די רעדער... און ערשט דעמאָלט זיך לאָזן אין וועג“, י. פּאַט, שמועסן מיט ייִדישע שרײַבער. אויסגעשמירט זאָל ווערן און געפֿאָרן (און יאַזדאַ, און ווי רשי מאַכט: 'פֿאָיעכאַל') פֿוול. 3. אויסווײַסן, אויסקאַלכן.

,

א, מיט קרײַד, ליים, קאַלך.

4. אײַנשמירן, פֿאַרפּאַטשקען. זיך א, ווי אַ קוימענקערער. „וויש נאָר אָפּ, זײַ מוחל, דאָס פּנים, די חצופֿה...האָט דיך אויסגעשמירט מיט געלכן פֿון אייער„, ממוס, מסעות. *א, זיך דאָס פּנים (מיט בלאָטע) = א) זיך דערנידעריקן בײַם בעטן עפּעס, בײַם אָנקומען צו עמעצן נאָך הילף; בּ) זיך אויפֿפֿירן אַזוי אַז מע ווערט באַליידיקט. *א, עמעצן מיט האָניק = ריידן זיסע ריידעלעך, חנפֿענען. „שמיר אויס מיט האָניק — וועסט בלײַבן דער זעלביקער קבצן„, שוו. *א, די געוועכטער = חוזקאויסדרוק פֿאַר שלעכטן אַרבעטן.

5. באַרעדן, שאַפֿן שלעכטן שם. א, עמעצן מיט שוואַרץ, מיט סמאָלע, דזעגעכץ, בלאָטע. א, ווי אַ טײַוול, ווי אַ רוח. א, מיט סמאָלע און באַשיטן מיט פֿעדערן [מיטלעלטערלעכע שטראָף פֿאַר 'מכשפֿות']. מיט ז י ך — בּ4, בּ▯. א, זיך מיט קרוטשקעס, פֿאַלשע גענג אע. א, זיך ווי אַ שוואַרציאָר.

6. צעשמירן, מגזם זײַן; דערציילן מיט (אויסגעטראַכטע) פּרטים. א, אַ גאַנצע מעשׂה.

אויסשמירעכ▯ן

7. שרײַבן, מאָלן (אָדער טאָן אַן אַנדער אַרבעט וואו מע ניצט אַ פּליסיקייט) אויף אַ שלעכטן פּאַרטאַטשישן אופן. האָסט ניט געשריבן, האָסט נאָר אויסגעשמירט. א, די ווענט = אויך: שלעכט אויספּאַרבן.

אויסשמירעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויסשמירונג. מאַטעריאַל וואָס מע ניצט אויסצושמירן. קויפן אַן א, אין אַפּטייק.

אוי שמירע יש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פון אויסשמירן (זיך).

אדיסשמירער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ין, ־ס. ווער עס שמירט אויס.

אויסש ירערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פון אויסשמידער. אויסשמירעניש, אויסשמירעכץ.

אויסשמעטערן — ־ער אויס, ~ געשמעטערט. אוטוו — (וועגן פּערד) זיך צעיאָגן ווילד און אַרויסרײַסן זיך פון דער שליטה פון שמײַסער, אָנטרײַבער. „די פּערד האָבן אויסגעשמעטערט, איבערגעקערט די בריטשקע“ (זאַמעט, קורלאַנד). טרוו — 1. צעברעכן, אויסברעכן אויף פּיצלעך, מיט אַ קלאַפּערײַ, געקלאַנג. א, די כלים, די גלעזער,

די שויבן. וואַרפֿן שטיינער און א, די
פֿענצטער. 2. אַרויסברענגען מיט אַ געהילך,
דונערדיק. די גרויסע טרובעס שמעטערן אויס
דעם מיליטערישן מאַרש.
אויסשמעלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשמעלן. אַזאַ א, אַז מע
קען ניט אַרויפֿציִען אויף זיך דאָס קלייד.
שמעלט. אויך: ~שמעלערן. מאַכן שמאָל,
אויסשמעלן טרוו. שמעל אויס, ~

געשמעלער ווי מע דאַרף. א, די טאַליע, אין דער
טאַליע. א, די אַרבל.
אויסשמעלץ — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויסשמעלצן. א, בײַ אַ היץ פֿון... גראַד.
אויסשמעלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשמעלצן.
אויסשמעלצן — אוטוו. שמעלץ אויס, ~
געשמאָלצן. אָפּט מיט ז י ך. 1. צעגיין,
צעלאָזן זיך סדן היץ; אויסברענע יכט(ל). 2. ניט
. ליכט
שמעלצן אויס. א, (זיך) ווי אַ חלבֿן
ווערן, גיין אין ניוועץ. געלט שמעלצט אויס
אונטער (אין) זײַנע הענט. יאָרן לויפֿן און
דאָס לעבן שמעלצט (זיך) אויס.

אויסשמעלצן — טרוו. שמעלץ אויס, ~
געשמאָלצן (אויך: ~געשמעלצט). 1. מאַכן עס
זאָל צעגיין, זיך צעלאָזן דורך היץ. א, חלבֿ,
מעטאַלן. א, פֿעטס, גריוון. 2. פּראָדוצירן
עפּעס דורך צעלאָזן בײַ גרויסער היץ. א,
אײַזן. 3. צעלאָזן און אויסגיסן אין אַ
פֿורעם. א, דריידלעך פֿון בלײַ. א, אַ מטבע.
אויסשמעלצעכץ — דאָס (די), ־ן. 1.
אויסשמעלצונג. 2. גריוון. דרייזין.
אויסשמען — [...שעמען] אוטוו. שם אויס,
~געשמט. קריגן גיך, פּלוצעם אַ שם; דזוו
שמען, נאָר עמפּאַטישער. א, פֿאַר אַ גרויסן
למדן; א, מיט זעלטענע מידות.
אויסשמעקן — אוטוו. שמעק אויס, ~
געשמעקט. אַרויסגעבן ריח(ות); פֿאַרמאָגן גוטן
ריח. דער סאָד שמעקט אויס נאָכן רעגן.
אויסשמעקן — טרוו. ← דפֿוו. 1. דערגיין
מיטן חוש־הריח. דער הונט שמעקט אויס די

סליאַדן. 2. אַרײַנזאַפּן ריח(ות). א, די
פּאַרפֿומען וואָס טראָגן זיך אין זאַל. א, די פֿרישע
פֿרילינגדיקע לופֿט. *שמעק אויס דײַן חלק
און טראָג זיו אָפּ = (גראָבֿ) דו האָסט דאָ
נאָר קאַליע געמאַכט די לופֿט, מע דאַרף דיך

דאָ ניט, גיי פֿון דאַנען. *א, ס'חלק (פֿר) = (פֿטמ, גראָבֿלעך) אָפּצאָלן דעם טייל וואָס עס קומט פֿון עמעצן; טראָגן די אַחריות פֿאַר עפּעס וואָס מע האָט אָפּגעטאָן. „כ'האָב אַליין אָפּגעטאָן ס'נאַרישקייט, מוז איך אַליין א, ס'אייגענע חלק".

3. אויסגעפֿינען, דערגיין; דערשפּירן, דערטאַפּן. א, פֿון אונטער דער ערד אַ שידוך, אַ פֿאַרדינסט(ל), מעקלערײַ־געלט. „ייִדן לויפֿן שוין אַרום ווי די פֿאַרסמטע, אויסשמעקנדיק זיך ערגעץ אַן אָרט און פֿאַרכאַפּנדיק וואָס פֿריִער אַ בעסער שטיקל פּלאַץ", שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. „דאָרטן וועט זי זען און פֿאָרשן און א, כאָטש אַ צענטל אמת", י. יאָפֿע, אין קעסלגרובֿ.

אויסשמעקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסשמעקן. זייער גוטער ריח. אַ מחיה, אַן א'.

אויסשמערגלען — טרוו. ־גל אויס, ~ געשמערגלט. 1. אויספּרעגלען (אָבער ניט אינגאַנצן דורכפּרעגלען); אויף גיך, ניט־גערעאָטן פּרעגלען. א, דאָס פֿלייש. אויסגעשמערגלט חזיר־פֿלייש און פֿאַרשטונקען דעם הויף.

2. (דימענטן־שלײַפֿערײַ) אויספּאָלירן,

אַרומפּוצן נאָכן שלײַפֿן.
אויסשנאַטערן — ־ער אויס, ~געשנאַטערט.
אוטוו — אָנהייבן אַרויסברענגען קלאַנגען
ווי אַ גאַנדז, קאַטשקע, אויסגאַגערן. טרוו —
עפּעס אויסדריקן, דערציילן מיט קלאַנגען
(וואָס דערמאָנען אין, פֿון) גאַגערן. „די אַנדערע
פּאָפּוגעס שנאַטערן עס אויס“, נאַד. „די
ליכטיקסטע בשׂורות פֿאַר ייִדן האָבן די
קאַטשקעס מיר אויסגעשנאַטערט מיט זייערע געלע
פֿלאַכע שנאָבלען„, רעסלער, טאָג, 31 ￼ 1947 .II
אויסשנאַפּן — טרוו. שנאַפּ אויס, ~געשנאַפּט.
1. אויספֿאָרשן, אויסשפּירן, אויסשמעקן בּ3.
א, וואָס עס טוט זיך בײַ יענעם. 2. מיט
שוועריקייט אײַנאָטעמען אָדער אויסאָטעמען
לופֿט. „ער האָט זײַנע סקעלעטן־פֿינגער
אויסגעצויגן אין דער לופֿט, ווי ער וואָלט אָטעם
געוואָלט א, און געשטאַמלט“, אַש, תּהילים־ייִד.
אויסשנאַפּסן — טרוו. שנאַפּס אויס, ~
געשנאַפּסט. (שפּאַסיק). אויסטרינקען בראַנפֿן,
שנאַפּס. אויסשיכּורן.
אויסשנאָרכ — שנ ￼, ־כע אויס; ~
גע(ע)ן ￼
שנאָרכ(ע)ט. אויך: ~ נאָר(ע)ן. אוטוו

— אָנהייבּן אָטעמען מיט אַ גערויש;
שנאָרכ(ע)ן אַ לענגערע צײַט. א, אַ גאַנצע נאַכט.
[א, איז שטילער ווי אויסכראָפּען]. טרוו —
עפּעס אויסדריקן דורך שנאָרכ(ע)ן. אַרויסזאָגן
אומקלאָר, דורך דער נאָז. א, אַן ענטפֿער.
אויסשנאָר(ע)ן — טרוו. שנאָר(ע) אויס,
אויסגעשנאָר(ע)ט. 1. שטאַרק צושטיין און
אויסבּעטן, אויסבּעטלען (וועגן אָדער ווי אַן
אָרעמאַן וואָס גייט איבּער די הײַזער). א, נדבֿות.
„אַזאַ רבֿל וואָס גייט אַרום טאָג ווי נאַכט בּטל
און שנאָרט אין אַלע לעכער אפֿשר וועט ער
עפּעס א׳“, גח„ל [לעוונער], די צוואָה, אַדעס

אדימשניט

1884. 2. אויספּועלן פֿאַר זיך עפּעס דורך
דערנידעררריקן זיך. א, אַ טובֿהלע, אַ גוט וואָרט.
3. אויסגעפֿינען, דערגיין, אויסשמעקן בּ3.

געקומען א, וואָס עס הערט זיך.
אויסשנאָרער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס בעטלט אויס, קריגט אַרויס ווי אַ בעטלער. ,,ער ווייסט ווי צו קריגן געלט פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע, ער איז אַ געניטער א'".
אויסשנאָרערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג, אייגנשאַפֿט פֿון אויסשנאָרער.
אויסשנאָרעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ (כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן אויסשנאָרער. א'ע מיטלען, געננג.
אויסשנאָרערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשנאָרערט. אויסבעטלען ווי אַ שנאָרער אַרויסקריגן עפּעס מעשׂה שנאָרער (מיט מער ביטול ווי אויסשנאָרן). ,,און רחמים בעט און שנאָרערט אויס און שווינדלט", ביאַליק שחיטה־שטאָט.
אויסשנדרן — [...שנאָ'דערן, שענאָ'דערן] טרוו. שנדר אויס, ~געשנדרט. 1. מנדר זײַן אַ צאָל מאָל, צוזאָגן פֿאַר אַן עליה (אויך פּתיחה) געלט פֿאַר דער שול, פֿאַר אַ חבֿרה אָדער חבֿרות, פֿאַר פֿאַרשיידענע צדקה־צוועקן. א, אַ פֿינפֿערל, דרײַ מאָל ח"י. 2. אויסשטײַגן בײַם קויפֿן אַן עליה אָדער פּתיחת הארון. אַזוי ווי אַ קבצן קען א, דעם גבֿיר —־

אַזוי קען איך... [מיִי פֿאַרבליבן אין לר.]
—
,
אויסשנויפֿלען — טרוו. ־פֿל אויס, ~
געשנויפֿלט. אויספֿאָנפֿען. א, אונטער דער נאָז
אַ פּאָר ווערטער.

אויסשנויסן — שנויף אויס, ~געשנויפֿט.
אויססאָפּען ←, אוטוו & טרוו.
אויסשנור(עווע)ן — טרוו. שנור(עווע) אויס,
~געשנור(עווע)ט. 1. באַפֿרײַען פֿון אַ שנור,
צונויפֿבינד; לויז מאַכן א, דעם קאָרסעט,
דאָס פּעקל, די שיך. 2. באַרבינדן מיט אַ
שנור, שנירל. בעסער א, דאָס פּעקל. 3. עפּעס
מאַכן פֿון שנירלעך, שטריקלעך; אויספֿלעכטן.
א, קונציקע קניפּלעך; א, אַ בײַטעלע. 4. שאַפֿן
עפּעס אין פֿאָרעם פֿון אַ שנור. א אַ ברייטן
,
שמייכל אויפֿן פּנים.
אויסשניאָשקען — טרוו. ־קע אויס, ~
געשניאָשקעט. אויסטרינקען אַ סך בראַנפֿן,
אויסשיכּורן. א אַ פֿלאָש נײַנציקער און
פֿאַר,

שניאָשקעט ווערן.

אויסשניגלען — טרוו. ־גל אויס, ~געשניגלט. אויספוצן איבער דער מאָס; אויספּיאָקעווען. „דער שנײַדער איז געווען אַ מאַדים אויף א, אַ חתן צו דער חתונה“. אָפּט מיט ז י ך —־ זיך א, ווי אַ גוי אום זונטיק.

אויסשניט — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס איז (ווערט) אויסגעשניטן. אויפֿהיטן א'ן פֿון צײַטונגען. א'ן מיט בילדער. 2. אָפֿענער טייל פֿון אַ מלבוש. אַ טיפֿער א, פֿון זשילעט. אַ קלייד מיט אַן א', טיפֿן דעקאָלטע. „...ביז אין עלנבויגן מיט שפּיצן, בײַם האַלדז אַ טיפֿן א'“, נחמיה לאָטרינגער, דער יודישער דלוו[, לעמבערג. 3. אויסצוג, לענגערער ציטאַט. “אָט האָט איר אַ פּאָר א'ן פֿון דער רוסישער פּרעסע, מאַכט עפּעס פֿון זיי“, מוק, מײַנע באַגעגענישן 4 .I. אָפּעראַציע בײַ וועלכער עס ווערט עפּעס

אוימשניידונג

ּ־.

אויסגעשניטן פֿון קערפּער. אַן א, פֿון אַ ניר, פֿון דער בלינדער קישקע.

אויסשנײַדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשנײַדן.
אויסשנײַדן — טרוו. שנײַד אויס, ~ געי
שניטן. 1. אָפּשנײַדן אַ צאָל (שטיקער, זאַכן). א אַלע רויזן פֿון גאָרטן. „[פֿון] איין מעלאָ,
נע וואָס איך וועל אויסזוכן, שנײַדט ער אויס שטיקערווײַז און עסט„, זרעיס, פּז/בּ. 2. באַזײַטיקן, אַרויסנעמען דורך שנײַדן. א, דעם פֿאַרפֿוילטן טייל. "זאָג דעם (דער) ווײַב אַ סוד און שנײַד איר אויס די צונג", שוו. „אַלכּסנדר מוקדון האָט בײַ זיך אַליין אויסגעשניטן אַ שטיק פֿלייש און אַרויפֿגעשטאָכן אויפֿן שפּיז", ממוס, מסעות. א, די אייער, בּצים, בּצימער = גראָבּ, קאַסטרירן. א, אַ ניר, די בלינדע קישקע, בײַ אַן אָפּעראַציע.
3. דורך שנײַדן מאַכן פֿיגורן, אויספֿורעמען עפּעס. א, אותיות. א, רייזעלעך אויף שבֿועות. „די היימיש־ייִדישע קונסט: הבֿדלות מאַכן, דריידלעך גיסן, א, פּאַפּירענע פֿייגעלעך", פּרץ, 'קינדער'. [פֿאַראַן אַ לעגענדע אַז ווען די ערשטע ייִדן זײַנען געקומען קיין פּוילן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שיין

וועלדל לעבֿן שטעטל לאַשטשעוו, און אויף
בּיימער אויסגעשניטן די נעמען פֿון די
מסכתּות וואָס זיי האָבֿן דורכגעלערנט אין לאַנגן
וועג. דעמאָלט האָט מען אויך דערהערט אַ
בת־קול: פּה־לין; זײַנען זיי שוין דאָרטן
פֿאַרבּליבֿן — און פֿון דעם קומט דער נאָמען
פּוילן. אויפֿן סמך פֿון דער לעגענדע בּײַ
פּרצן:] "אין עק הימל שוואַרצט זיך דאָס
בּאַרימטע וועלדל; אויף זײַנע בּיימער האָבֿן עס
אונדזערע עלטערן אויסגעשניטן די מסכתּות
אויף וועלכע זיי האָבֿן געמאַכט אַ סיום אין
וועג", פּרץ, בּילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רײַזע.
4. אויסהאַקן; אויסטרעטן. א אַ בּוים. א,

,

אַ וועג דורכן וואַלד, אַ סטעזשקע אין קאָרן.
,,...אויפֿן שניי וואו די לבֿנה האָט
אויסגעשניטן אַ וועגל,,, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
5. אויסזעגן. א, בּרעטער. א, דעם גאַנג פֿון
אַ וואָגן = (סטעלמאַכערײַ) אויסזעגן לויט אַ
מאָס בּרעטער אָדער דרענגלעך צו מאַכן דעם
הויפּט־טייל פֿון וואָגן. 6. אויסקוילען,
אויסמאָרדן. ,,כּמה אַלפֿים בּחורים ובֿתולות... האָבֿן
די פּוחזים גאָר אויסגעשניטן", מע▯ה אומן.
7. אַרכ. אָנטאָן יסורים, אומבּרענגען דורך

יסורים. ,,און, דען ביטרן טויט מושן זיא אַל
דריי , און, דרוזיינאה וויל איך גר שלעכט
אויז שנײַדן“, בבֿא־בוך, 397.
אויסשנײַדן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. אַרויסוואַקסן ווי אַ רעזולטאַט פֿון
דורכרײַסן זיך. צײנדלעך שנײַדן זיך אויס. רויזן
שנײַדן זיך אויס פֿון קנאָספּן. ,,אַז ס'האָט
בײַם קינד זיך אויסגעשניטן צײנדלעך, גלײַך
האָט עס אָנגעהויבן מאַכן חנדלעך“, ממוס,
יודל. ,,...אַ יונג הענדל, קוים וואָס ס'האָט
זיך אים אויסגעשניטן דאָס קעמעלע אויפֿן
קאָפּ“, ממוס, קליאַטשע. 2. אויספֿורעמען
זיך, באַקומען זיך. פֿון יונגאַטש האָט זיך
אויסגעשניטן אַ פֿײַן בחורל. ‘‘פֿון אַזאַ
יונגאַטש קען זיך א, גאָר... אַ גרויסער מאַן“,
ייִפֿאָל, 10 1888, No, בײַלאַגע. ,,פּונקט להיפּוך

האָט זיך אויסגעשניטן דאָס מזל פֿון יחיאלס
עלטערער טאָכטער“, פּרץ 'אַראָפּגעלאָזטע
אויגן,. 3. אויסריכטן זיך, קלײַבן זיך. א,
זיך אויף שבת אַהיים.

אויסשניידעכץ — דאָס (די), ־ן.

אויסשנײַ ־

דונג (בּײַטעם פֿון בּיטול). אויסשניצעכץ, אויסגראַווירונג. דרייזין.

אויסשנײַדעניש — דאָס (די), ־ו. (געדויערדיקע) אויסשנײַדונג.

אויסשניידער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע,

־

־ס. ווער עס שנײַדט אויס. „פֿון אַ האַנטשערל ווערט אַ רעדאַקטאָר, אַ ליטעראַט צי אַן א, [= צענזאָר]“, פּרץ, 'פֿען דע סיעקל'.

אויסשנײַדערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשנײַדערט פֿאַרדינען, לעבּן פֿון שנײַדערײַ.

.

„וואָס מײַן מאַן קען שוין א, אַז עס איז געוואָרן אַ מאָדע צו קויפֿן פֿאַרטיקע קליידער!,,, רייד.

אויסשנייען — שנייט אויס, ~געשנייט. אוטוו, דריטפּערזאָניק — 1. אָנהייבּן שנייען, זיך בּאַווײַזן (וועגן ערשטע שנייעלעך). עס שנייט אויס; ווײַסע פֿעדערלעך שנייען אויס. 2. שנייען אַ לענגערע צײַט. עס האָט אויסגעשנייט אַ גאַנצע נאַכט און אָנגעשנייט גאַנצע בּערג. טרוו — אויסטראַכטן, אָנוואַרפֿן

אַ סך ליגנס. א, ליגנס, ניט־געשטויגנס.
אויסשנײַצן — טרוו. שנײַץ אויס, ~

געשנײַצט. אָפּט מיט ז י ך. 1. אויסרייניקן די נאָז דורך אַרויסבלאָזן. „ער זאַל זיך פֿור [= פֿריִער] אויז שנײַצן זיין ראָץ, דא מיט דז אים נישט מעכט הינדרן אין זייניר תּפֿילה“, לט1, 1/23. „די יאַפּאַנער בּרויכן אַשר־יצר־פּאַפּירלעך אום אויסצושנײַצן דערמיט די נאַזע,„ אמד, רויזע פֿינקעל. *ניט וויסן ווי אַ נאָז אויסצושנײַצן = זײַן אינגאַנצן אומבּאַהאָלפֿן. *ניט האָבּן קיין צײַט די נאָז אויסצושנײַצן. *צאָל אים אָפּ פֿאַר א, די נאָז — ווען איינעם וואָס וויל עפּעס פֿאַר דאָס מינדסטע וואָס ער טוט (גיט). *זיך א, די נאָז און זיך שמירן דאָס פּנים = דערציילן שלעכטע זאַכן וועגן אייגענע, נאָענטע. *שנײַץ זיך אויס די נאָז = מיש זיך ניט אַרײַן, וואָס פֿאַרשטייסטו אין דעם? 2. אַרומשנײַדן, אָפּשנײַדן אַ צאָל קנויטן פֿון ליכט וואָס בּרענען ניט גוט. א, קנויטן. א, ליכט.
אויסשנײַצעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). דאָס

י

וואָס קומט אַרויס בײַם אויסשנײַצן די נאָז.
,,ווער זיך אויסשנײַצט און זײַנע פֿינגער זײַנען
אײַנגעריכט פֿון דעם א, זאָל ער קיין ספֿר
אָנרירן, ביז ער זײַנע פֿינגער אָפּווישט,,, ספֿר
חסידים, ווילנע תּקע,,ט.
אויסשניפּלען — טרוו. שניפּל אויס, ~
געשניפּלט. (געוויינטלעך וועגן חיות) אַרײַנציִען
לופֿט כּדי אויסצושמעקן און צו דערגיין
עפּעס. א, די לופֿט און דערשפּירן אַ סכּנה.
א, די סליאַדן, דעם וועג צוריק.
אויסשניצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשניצן. אַן א, פֿון האָלץ.
אַ טײַערע א'.
אויסשניצלען — טרוו. ־צל אויס, ~
געשניצלט. אויסשניצן דין, מאַכן באַצירונגען.
אויסטאָקן. א, פֿיגורן פֿון שטיקעלעך האָלץ.

אויסשעכטעווען

אויסשניצן — טרוו. שניץ אויס, ~געשניצט.
1. אויסשנײַדן מיט אַ מעסער (אַן אַנדער
שאַרפֿן מכשיר) פֿיגורן פֿורעמס, ליניעס. א,
— ,
אַ שטעקעלע, אַ גאַלקע פֿאַר אַ שטעקן. א,

אַ יד, אַ טײַטל, אַ דעקל פֿאַר אַ פּושקע. „עס גייט אים די האַנט אויסצושניצן פֿון אַ שפּענדל אַן אויערלעפֿל“, ממוס, שלמה. .2 אויסבויען, אויפֿשטעלן עפּעס, וואָס אין דעם גייט אויך אַרײַן שניצערײַ. א, אַ גאַנצן אָרון־קודש. א אַ וויגל פֿאַרן קינד. .3 אויספֿדרעמען

,

בכלל. א, עפּעס פֿון מעטאַל. „זעט די צונגען בײַ די געצן האָט אַ מײַסטער אויסגעשלאָגן, אויסגעשניצט, אויסגעקינצלט פֿון דעם ריינסטן גאָלד“, פּרץ, לידער און פּאָעמען.

אויסשניצעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

.1 אויסשניצונג (קען אויך האָבן בײַטעם פֿון ביטול). .2 אָפּפֿאַל בײַם אויסשניצן.

אויסשנירלען — טרוו. ־רל אויס, ~ געשנירלט. אַרויפֿציִען אויף שנירלעך. א, פּערל.

אויסשנירן — טרוו. שניר אויס, ~געשנירט. .1 דזוו אויסשנור(עווע)ן. .2 מאַכן אַ שנור. „אַז עס קומט צו גיין די זון, שנירן די גרעזעלעך מיט בלומען אויס אַ גרויסן שנור פֿון פּערעלעך...„, פּמ, וואָכנטעג.

אויסשנירעווען — דזוו אויסשנור(עווע)ן ←.

אויסשנעבלען זיך — אוטוו. קזוו. ־בל זיך אויס, זיך ~געשנעבלט. אויסקושן זיך (

גוטמוטיק אָדער פּעיאָ).
אויסשנעלן — טרוו. שנעל אויס, ~געשנעלט.
אויסקלאַפּן, אויסשיסן, מיט (מיטלסטן) פֿינגער, אָנגעשפּאַרט אין גראָבן פֿינגער. א, די נאָז און די אויערן. א, קערעלעך פֿון באָקסער. „זיי לויפֿן די וואַסערלעך... און די זון... קוקט אויף די טויזנטער אויסשנעלנדיקע בלישטשעלעך“, ווײַס, 'אַ זומערטאָג'.
אויסשעדיקן — טרוו. שעדיק אויס, ~ געשעדיקט. שעדיקן אינגאַנצן, ביזן סוף. די אינזעקטן שעדיקן אויס דיביימער. „ער פֿלעגט [די קינדער] שלאָגן מכּות־רצח, דעם רבין אויסגעשעדיקט“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.
אויסשעטקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~געשעטקעוועט. אויסשנײַדן אויף שטיקלעך, אויסהאַקן; אויסקלאַפּן (קרויט צום זײַערן). א, קרויט. „אַז איך וועל אים כאַפּן, וועל איך אים א', צערײַסן וועל איך אים„..
אויסשעכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשעכטן. אַ שרעקלעכע א'.
אויסשעכטן — טרוו. שעכט אויס, ~געשעכט, ~געשאָכטן. 1. אויסקוילען. א, די בהמות, די עופֿות. 2. אויסהרגענען, אויסמאָרדן. „אַ קלאַנג... אַז די פּאָליאַקן וועלן אַרײַן צו

כּלנדרי, וועלן זיי א, אַלע ייִדן,,, יק. ,,ווילסט
אונדז א,, די שטאָט חרובֿ מאַכן?!,,, אַש,
תהילים־ויִד.
אויסשעכטן זיך — ← דפּוו. 1. זיך
אַרומקריגן, זיך אַרומשלאָגן. ,,איך וועל מיך דאָס
מיט דער גאַנצער וועלט א, פֿאַר־דײַנעט־וועגן?“,
ווײַס, אַ שלעכטע פֿרוי'. 2. זיך מקריבֿ זײַן.
,
כ'וועל זיך ניט א, פֿאַר דיר. 3. קזוו. זיך
אויסקוילען.
אויסשעכטעווען — טרוו. ־טעווע אויס,
~געשעכטעוועט. ל2. דזוו אויסשיכטן ←.

אויסשעכעווען

אויסשעכעווען — טרוו. ־כעווע אויס, ~
געשעכעוועט. ל1. אויסשטעלן אין ריי(ען) ווי
זעלנערס. אַרײַנבּרענגען אָרדענונג. ,,דאָ האָט
מען... אויסגעשעכעוועט פּוסגייערס, פּעכאָטע
און רײַטעריע...מקבל פּנים זײַן...,,, ,גדולת ר,
וואָלף..., [יפּ].
אויסשעלטונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויסשעלטן. אַן א, מיט וויסטע קללות.
אויסשעלטן — טרוו. שעלט אויס, ~

געשאָלטן. אַרויסבּרענגען קללות; שעלטן אַ צאָל מאָל. א, עמעצן מיט (אַלע טויטע) קללות. א, מיט דער גאַנצער תּוכחה. א, זײַן געביין, די גאַנצע (טרייפֿענע) משפּחתּא. א, אין טאַטן (אין דער מאַמען) אַרײַן. „וואָס איז? זי קען ניט א, אפֿשר 70 תּוכחות מיט איין מאָל?!“, קמ, 19 1866 ,No. „נישט דערוועגן זיך חלילה אַ קרום וואָרט צי א, פֿאַר די בּזיונות“, שע, מנחם־מענדל. „אויסגעשאָלטן שוין איר לעצטע קללה האָט דײַן צונג“, יהואָש.

אויסשעלטעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשעלטן. ־טעכץ.

אויסשעמען — טרוו. שעם אויס, ~געשעמט. שטאַרק פֿאַרשעמען פֿאַר לײַט(ן) אין די אויגן. א, עמעצן פֿאַר קרובֿים, פֿרײַנד, חבֿרים אע.

אויסשעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך פֿאַרשעמען. 2. אויפֿהערן זיך צו שעמען, אָנווערן די בּושה. „פֿריִער פֿלעגט ער זיך נאָך שעמען דאָס צו טאָן עפֿנטלעך, אָבער איצט האָט ער זיך שוין אויסגעשעמט און טוט עס פֿאַר אַלעמען אין די אויגן„, רייד.

אויסשעמערירן — ־ריר אויס, ~ געשעמערירט. דזוו אויסשימערירן ←, אוטוו & טרוו.

אויסשענדונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסשענדן.
אויסשענדן — טרוו. שענד אויס, ~ געשענדט. אויך: ~שענדיקן. 1. בּרענגען גרויס(ע) שאַנד אויף עמעצן, אויף עפּעס; מאַכן צו שאַנד אַ צאָל; פֿאַרשוועכן. א, דעם נאָמען ייִד; א, גאָטס נאָמען; א, אַן אידעאַל. א, די אייגענע משפּחה. 2. פֿאַרגוואַלטיקן אַ צאָל. א, מיידלעך בעת אַ פּאָגראָם. 3. אַרכ. אויסזידלען, אויסשייגעצן. כּי פֿון ר, בּער אייבּשיץ, 1742? [תּולדות ספֿרות יִשׂראל, ד]. „זא דיזוז דער מיינשטר העריט...און, ער שנדיד דען בּעטלר אויז און, זאגיט ווײַך אבּ פֿון דאַנין“.
אויסשענערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשענערן.
אויסשענערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געשענערט. מאַכן שיין, שענער. א, דעם זאַל, דאָס אויסזען, די רייד, דעם פֿאָרלייג. „זי איז אָ קינסטלערין אין ליבּע, זי צירט און שענערט אויס דעם וועג“, סעג, 'רעגינאַ'.
אויסשענקען — טרוו. שענק אויס, ~ געשאָנקען (אויך: ~געשענקט). 1. אַוועקגעבּן ווי אַ מתּנה אַ צאָל זאַכן. א, אירע פּערל און

אוירינגלעך. 2. מוחל זײַן, פֿאַרגעבֿן. א,
די פֿאַרבֿרעכערס [דאַטיװ] דעם שטראָף. א,
אַלע חובֿות.
3. דזװ אויסשענקע(ר)ן ←. פֿאַרקויפֿן
געטראַנקען לאחדים. ,,...באַפֿרײַט פֿון אַ באַזונדער
שטײַער די קאָנדיטאָרס װאָס שענקען בײַ זיך
אויס קאַװע", ייִפֿאָל, 8 l886, No.

881

אויסשענקערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויסשענקען און אויסשענקע(ר)ן.
אויסשענקע(ר)ן — טרװ. שענק(ער) אויס,
~געשענק(ער)ט. אויספֿאַרקויפֿן משקה;
אַרײַנגיסן משקה אין אַ גלעזל (און פֿאַרקויפֿן);
פֿונאַנדערגיסן אין גלעזער. א, די פֿלאַש
בראָנפֿן. ,,זיי האָבן אַלע טאָג אויסגעבֿרענט
דרײַ עמער בראַנפֿן און יעקל האָט דעם
בראַנפֿן אויסגעשענקט", ייִפֿאָל, 24 1882, No.
אויסשענקע(ר)ן זיך — ← דפֿװ.
אויפֿהערן זײַן אַ שענקער; פֿאַרלירן די שענק. ,,ער
האָט אַזוי לאַנג געשענקט ביז ער האָט זיך
אויסגעשענקט", אָגוז, הומאָריסטישע
דערציילונגען.

אויסשעפּטשען — טרוו. ־טשע אויס, ~ געשעפּטשעט. אויסריידן שטיל, אָן אַ קלאַנגעןטאָן. א, אַ פּאָר ווערטער; א, אין אויער אַרײַן.
אויסשעפּטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. שטיל זיך אויסריידן (← בבֿ 2־—3).
אויסשעפּטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסשעפּטשען (זיך).
אויסשעפּיק, ~שעפּלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (וואָס לאָזט זיך) אויסשעפּן. ניט קיין א'ער בּרונעם, קוואַל. „געטרונקען פֿון נישטאויסשעפּלעכן לאָגל פֿון טרויער“, יג, תּוך.
אויסשעפּיקייט, ~שעפּלעכקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסשעפּיק, אויסשעפּלעך. ניט בּײַ אַלע פּראָבּלעמען (ענינים) קען מען שטרעבן צו א'. נעאָל.
אויסשעפּן — טרוו. שעפּ אויס, ~געשעפּט. 1. אַרויסנעמען מיט אַ כּלי פֿליסיקייט, בּיז עס ווערט (קאָנטיק ווייניקער אָדער) אינגאַנצן טרוקן. אַ קוואַל ניט אויסצושעפּן. „מיט אַ לעפֿל קען מען דעם ים ניט א„„ שוו. „מיט געדולד שעפּט מען אויס אַ קוואַל“, שוו. „ניין, דו האָסט ניט אויסגעשעפּט אַלע ימען מיט אַ קאַן“, מל, 'שורות אַכט'. 2. (מיט פֿאַרשיידענע מעטאַפֿאָרישע בּאַטײַטן)

אויסזאַפּן; אויסניצן; אויסדריקן; אָרויסנעמען אַלע פּרטים, אַלע מעגלעכקייטן, פֿאַרענדיקן באַטראַכטן אאַ. „...די ראָט אין דעם מענטשנס האַרץ — און אָ מאַן וואָס האָט פֿאַרשטאַנד וועט זי א'", חה, 24. „און דאָס הייליקע וואָרט האָט געשוועבט... און עס איז ווידער אַרויפֿגעגאַנגען א, די אורות העליונים", נצ2, עו/ד. „אומענדלעך איז זײַן מאַכט, ווער שעפּט זי אויס מיט רייד„, פּרץ, 'אַקדמות'. „די געשיכטן האָבן גענומען א, זייער פֿאַרביקייט, זייער חן", נאד. א, דאָס געדולד, חכמה. א, דעם סדר־היום.

אויסשעפּנדיק — אַדי. וואָס מע שעפּט אויס; בפֿרטיותדיק: וואָס מע גיט מיט אַלע מעגלעכע אויספֿירן, מיט אַ פּינקטלעכן אַנאַליז. קיין א'ערע שטודיע קען מען ניט מאַכן. אַ גוטער, אַן א'ער אַנאַליז.

אויסשעפּנדיקייט — די (דאָס). מצ נב. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויסשעפּנדיק. דעם בעסטן אײַנדרוק מאַכט די א, פֿון דער אַרבעט.

אויסשעפּן זיך — אוטוו. שעפּ זיך אויס, זיך ~געשעפּט. 1. ווערן ליידיק, טרוקן ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַרויסקריגן די פֿליסיקייט. „אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס", שוו. דאָס

טונכל בראַנפֿן האָט זיך שוין אויסגעשעפּט.

אויסשפּאַלירט

---

2. ווערן קאָנטיק ווייניקער; ניט זײַן מער;
פֿאַרענדיקן זיך. די מאַטעריאַלן, די כּוחות
שעפּן זיך אויס. דאָס געדולד שעפּט זיך אויס
בײַ מיר. „...פֿון דער קאַסע אַ ו געשלעפּט,
ביז זי האָט זיך אויסגעשעפּט“, ממוס, יודל.
„ווען זײַן יוגנט זיך ניט א, פֿריִער,,,
שטויגלער. „ער האָט ראַפּטאָם פֿאַרביטן דעם
צושנײַדער און דערמיט האָט זיו דער אינצידענט
אויסגעשעפּט“, יאָפּע, אין קעסלגרוב.
אויסשעפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויסשעפּן (זיך). אַ מאַטערניש, אַן א,
פֿון כּוחות.
אויסשעסלען — טרוו. ־פּל אויס, ~
געשעפּלט. אויסשעפּן מיט אַ שעפּל. א, דאָס
וואַסער פֿון קעלער.
אויסשערן — טרוו. שער אויס; ~געשאָרן,
~געשוירן. 1. אויסשנײַדן מיט אַ שער. א,
אַ פֿיגור, בילדער. א, האָר פֿון פֿאָרנט. א,

אַ שטיק שטאָף. 2. אָפּשערן אַ צאָל. א, די שאָף.

אויסשערעמען ▯., דזוו אויסשירעמען ←.

אויסשערענגען — טרוו. ־גע אויס, ~געשד רענגעט. סל. אויך מיט ז י ך. אויסשטעלן אין אַ ריי. „נאָך דער חופּה־צערעמאָניע האָט זיך דער גאַנצער עולם אויסגעשערענגעט“, עפֿראָן, אַמעריקאַנער, 25 ▯ 1958 .II

אויסשעריניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסשערן.

אויסשפּאָטן — טרוו. שפּאָט אויס, ~ געשפּאָט. פּפֿ: ~שפּעטן. אויסלאָכן מיט בייזקייט, מיט (גרויס) ביטול. „א, איז ערגער ווי אויספּאַטשן“. שוו. „און זיי האבן ניט געהערט צו אינען און האבן אויסגעשפּאָט און האבן ניט ווען גלויבן איר וואָרט„, תּחנות ובקשות, ווילנע 1858, לז/ב [איבערדרוק פֿון דירנפֿורט 1790]. „און, בעטטן אים מחילה דר ווייל זיא אים אויז גישפּאט האבן“, מבֿ, מעשׂה קל״ו.

אויסשפּאַכטלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּאַכטלען.

אויסשפּאַכטלען — טרוו. ־טל אויס, ~ געשפּאַכטלט. אויסשמירן, אויסקלעפּן שפּאַלטן,

ניט־גלאַטע שטעלן, סוקעס אע מיט קיט (אָדער
ענלעכע מאַטעריאַלן) פֿאַרן פֿאַרבן;
אויסשפּאַקליעווען. א, די טיר, דעם דיל. א,
געדויערט לענגער ווי אויספֿאַרבן.
אויסשפּאַלטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשפּאַלטן.
אויסשפּאַלטן — טרוו. שפּאַלט אויס, ~
געשפּאָלטן. מאַכן שפּאַלטן. אויסהאַקן אויף
טיילן, אויף העלפֿט. א, אַ ווּעגעלע האָלץ.
א, קלעצער. א, גלעזער.
אויסשפּאַלטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָן

עמעצנס אַ כיוון ווערן מיט אַ שפּאַלט (
שפּאַלטן). די ברעטער שפּאַלטן זיך אויס אויף דער
זון.
אויסשפּאַלירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשפּאַלירן. אַ טײַערע א,.
אויסשפּאַלירט — אַדי. וואָס איז באַדעקט,
באַקלעפּט מיט וואַנטפּאַפּיר, טאַפּעטן. ,,אַן
אונטערשטע דירה פֿון שייגע ליכטיקע
אויסשפּאַלירטע צימער,,, קמ, 1864, No 17.

אויסשפּאַלירן

אויסשפּאַלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~(גע)־שפּאַלירט. אויסקלעפּן מיט וואַנטפּאַפּיר, טאַפּעטן. א, וועגט, דעם זאַל, די צ▯מערן.

אויסשפּאַנונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּאַנען.

אויסשפּאַנען — אַקוזוו. שפּאַן אויס, ~ געשפּאַנט. אויסגיין (מיט גרויסע טריט). א, די גאַסן פֿון שטאָט. א, מיט די פֿיס אַ וועלט.

אויסשפּאַנען — טרוו. שפּאַן אויס, ~ געשפּאַנט. 1. אויסבינדן, באַפֿרײַען פֿון אַ (גע)שפּאַן; לויז מאַכן. א, אַ פֿערד פֿון וואָגן. א, אַ וואָגן, אַ קאַרעטע. „איידער איך שפּאַן אויס די פֿערד, זאָל איך דאָס בריוועלע אָפּגעבן“, יד, אבן נגף פֿאָרט אַרײַן אַ פויער . „ פֿון אַ נאָנטן דערפֿל, שפּאַנט ער אויס זײַן פֿערדל דאָ אין מיטן מאַרק“, סעג, קאַפּריזן. *א, דעם וואָגן פֿאַר עמעצן = אויך: אָפּגעבן גרויס כּבֿוד [דה אויסשפּאַנען די פֿערד און אַליין שלעפּן דעם וואָגן ווי בײַם אויפֿנעמען אַ רבין]. 2. מאַכן ווייניקער אָנגעצויגן; באַדוּאיקן. א, די נערוון, דאָס געמיט. 3. באַפֿרײַען פֿון יאָך, התחייבֿות(ן),

חיובֿ(ים). געוויינטלעך מיט ז י ך. א, זיך
פֿון יאָך פֿון עול פֿון ייִדישקייט, פֿון שפּײַזן
,
די משפּחה פֿון פֿליכטן. „און זיך גענומען צו
,
דינען גאָט, וואָס דינען הייסט, מיט אַ ברען,
ניט אויסצושפּאַנען זיך אויף אַ רגע פֿון
ייִדישקייט", ממוס, ווינטשפֿ.
4. (פֿאַרמעט־מאַכערײַ) אַרויסנעמען די
אָנגעצויגענע פֿעל פֿון דער ראַם.
5. (וועבערײַ) אויסציִען געוועב בײַם
אַפּרעטירן. ייִהאַנ, No .
6. מאַכן עס זאָל זײַן אָנגעשפּאַנט,
אָנגעצויגן. „דו ביסט אַליין דער די הימל
אויסשפּאנט, דער די הימל אויסשפּרייט אויף די
וואַסער", שיר היחוד ליום ששי פֿפֿמ 1885.
,
*א אַ שידוך = אָנציִען פֿאַרקניפּן אַ שידוך
, ,
(סאָניק, גאַליציע). *א, די אויגן = אָנשטעלן
אויף עפּעס (עמעצן) אַ פֿאַרקלערטן אָדער אַ
געשפּאַנטן בליק. „זי האָט אויסגעשפּאַנט אירע
אויגן אויף ברוכן און האָט אים אַרויסגעזאָגט
איר געדאַנק", יהודה שטיינבערג, 'אַ

פֿאַריתומט לעבן'.
אויסשפּאַסן (זיך) — אוטוו. שפּאַס (זיך) אויס, (זיך) ~געשפּאַסט. מאַכן, טרײַבן שפּאַס; מאַכן אַ וויץ, אַ חכמהלע (אומגעריכט, ניט באַטראַכט). „דו דאַרפֿסט ניט ווערן ברוגז, איך האָב (זיך) בלויז אויסגעשפּאַסט אויף דײַן חשבון“.
אויסשפּאַציר — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסשפּאַצירן. אַ פֿײַערלעכער א, מיט פֿענער און פּלאַקאַטן.
אויסשפּאַצירן — ־ציר אויס, ~(גע) שפּאַצירט. אוטוו — 1. אַ סך שפּאַצירן. א אָ

,

גאַנצן טאָג. „אַך, וואָס איך פֿלעג א, און קיין מידקייט קיין מאָל פֿילן„, אר, 'מײַן צוריקקער אַהיים'. 2. אָנהייבן גיין שפּאַצירן. „די קינדער פֿאָרויס, מאַן און ווײַ: פֿון הינטן — די גאַנצע משפּחה האָט אויסגעשפּאַצירט און אַוועק צום וועלדל“. אַקוזוו — אויסזײַן אין אַ צאָל ערטער שפּאַצירנדיק. א, די הויפּטגאַסן פֿון שטאָט, די אַרומיקע פֿעלדער. טרוו — דורך שפּאַצירן עפּעס דערגרייכן. א, אַ

מרשט צופֿעליקע באַגעגעניש. „די שיינע בריַנדל פֿלעגט שפּאַצירן אין וואַלד, האָט זי זיך אויסשפּאַצירט אויף אַלע שׂונאים געזאָגט“, פּרץ, 'קלאָץ־געשיכטן'.

אויסשפּאַקליעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~געשפּאַקליעוועט. אויסשפּאַכטלען, אויסקיטעווען. „אין אַ פּאָר טעג אַרום קיטעוועט מען די פּאָדלאָגע אויס... ביַי פֿאַרבער הייסט עס א,“, בערג, ביַיס דגיעפּער I.

אויסשפּאַרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּאַרן. א, פֿון די ווענטלעך.

אויסשפּאָרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּאָרן. אַן א, פֿון עטלעכע טאָלער. געוויינטלעך — איַינשפּאָרונג.

אויסשפּאַרן — שפּאַר אויס, ~געשפּאַרט. אוטוו — אויסזיַין אין וויַיטע ערטער, אָנקומען ערגעץ וויַיט. א, אומעטום וואו אָדם הראשון איז געווען. א, אין אַלע העקן. *עס שפּאַרט אויס דאָס האַרץ = עס ווילט זיך זייער שטאַרק, אמד, מלכּה און הדסה, ווילנע 1869, ז, 60. טרוו — 1. אויסברייטערן (מיט אַ כּוח פֿון אינעווייניק); צעשפּאַרו. דער עולם

האָט ממש אויסגעשפּאַרט די ווענט פֿון זאַל.
„...גענעצט, אויסשפּאַרנדיק דעם מויל, הויך
אויף אַ קול“, ממוס, קליאַטשע. „...זיך
אויסגעגלײַכט ווי הויך ער איז, אויסגעשפּאַרט
די ברוסט“, בעל מחשבֿות 2 .II. אַרויסדריקן,
אַרויסקלאַפּן (מיטן קערפּער). א, די שויבן.
א, דעם דעק פֿון פֿעסל.

אויסשפּאָרן — טרוו. שפּאָר אויס, ~
געשפּאָרט. שפּאָרן אַ סך, כסדר. א, (אַ גאַנץ
לעבן) עטלעכע טויזנטער.

אויסשפּאַרן זיך — אוטוו, קזוו. שפּאַר זיך
אויס, זיך ~געשפּאַרט. אויסאַמפּערן זיך;
קריגן זיך וועגן מיינונגען; אַרויסווײַזן
עקשנות. א, זיך וועגן (אומ)וויכטיקע ענינים.

אויסשפּאַרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אַמפּערניש; טואונג פֿון אויסשפּאַרן (זיך).

אויסשפּאָרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויסשפּאָרונג (אויך מיט ביטול). אַן א, פֿון אַ
פּאָר גראָשנס.

אויסשפּאַרעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשפּאַרן (זיך).

אויסשפּאָרעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשפּאָרן.

אויסשפּאָרער — דער, ־ס. ווי ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס שפּאָרט אויס (איר בײַטעם לגבי
שפּאָרער). „אַן אמתע א'קע: שפּאָרט אויס אויף
זייף און גיט אויס אויף פּאַרפֿומען“, רייד.
אויסשפּוליען — טרון. ־ליע אויס, ~
געשפּוליעט. 1. אָפּוויקלען פֿון אַ שפּול,
שפּולכל. א, באַוול, וואָל. א אַ קנויל, קנײַלכל.
,
2. אַרויפֿוויקלען אויף אַ צאָל שפּולן. א,
באַוול, וואָל.
אויסשפּונט(עווע)ן — טרוו. ־נט(עווע) אויס,
~געשפּונט(עוועט). פֿאַרמאַכן, פֿאַרשטאָפּן מיט
אַ שפּונט, שטאָפּער. א, די פֿעסלעך ווײַן, מעד.
אויסשפּוקן — טרוו. שפּוק אויס, ~
געשפּוקט. ארכ. (קורלאַנד). אויסשפּײַען. א,
בלוט. „[פֿאַרן] רבי[ן]... דרפֿשט דוא ניט אויש
שפּוקן אָדר אויש שפּייאהן“, עיון, 1/41.
אויסשפּורן — ← אויסשפּירן, ב2.

אויסשפּײַכלערן

אויסשפּאָנירן — טרוו. ־ניר אויס, ~(גע)־
,
שפּיאָנירט. אויד: ~שפּיאָנעווען.
דערגיין, אַרויסקריגן עפּעס דורך שפּיאָנירן (אָדער

סתּם אויסקוקן); אויסגעפֿינען. א, סודות. „די פֿרויען האָבּן... מיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿרעמדן וואָס איז געקומען עפּעס א'“, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן II.

אויסשפּיגלען — ־גל אויס, ~געשפּיגלט. אוטוו — שײַנען, גלאַנצן. עס איז אַזוי ריין אַז עס שפּיגלט אויס. טרוו — 1. אַרײַנשטעלן שפּיגלען, אויספּוצן מיט שפּיגלען. א, די וועגט פֿון זאַל. 2. מאַכן עס זאָל שפּיגלען, שײַנען. א, די פּאָדלאָגע מיט וואַקס.

אויסשפּיגלען זיך — ← דפֿוו. אויספּוצן זיך עס זאָל גלאַנצן. ווי ער האָט זיך דאָס הײַנט אויסגעשפּיגלט!

אויסשפּיגלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויסשפּיגלען (זיך). שײַן, גלאַנץ.

אויסשפּיגעווען — טרוו. ־געווע אויס, ~ געשפּיגעוועט. אויסשפּיאָנירן, אויסקוקן; אויסשמעקן, אויסניוכען.

אויסשפּיזלען — טרוו. ־זל אויס, ~ געשפּיזלט. אויסאַרבּעטן עפּעס מיט שפּיזלען; אויסשטריקן. „די געניטע הענט שפּיזלען אויס פֿאַרן אייניקל אַ שאַליקל און אַ פּאָר הענטשקעלעך“.

אויסשפּיזן — טרוו. שפּיז אויס, ~געשפּיזט.

1. אויסשטעכן (ווי) מיט אַ שפּיז. *א, די
אויגן, אַ פּאָר אויגן = קוקן בייז, שאַרף.
א אַ פּאָר אויגן ווי דער (בּריסקער)
מלאך,

המוות. א, די אויגן ווי אַ קאָזאַק אַ פּיקע.
2. מאַכן שפּיציק, שטעכיק ווי אַ שפּיז. א אַ
,
פּלאָקן און שטעכן מיט אים.
אויסשפּײַ — דער, ־ען. אַקט פֿון
אויס־־
שפּײַען. עס איז ווערט אַן א'.
אויסשפּײַאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
,
רעזולטאַט פֿון אויסשפּײַען. „ווען האָט מען
לעצטנס אַנאַליזירט אײַער א'?“.
אויסשפּייזונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
--
אויסשפּײַזן. סכום שפּײַז וואָס מע קריגט (מע
האָט נייטיק). אָרעמע א'.
אויסשפּייזן — טרוו. שפּײַז אויס, ~
גע־־
שפּײַזט. 1. באַזאָרגן מיט שפּײַז (די
נייטיקע צײַט אָדער אין דער נייטיקער מאָס). א,

אַלמנות און יתומים. 2. אויסהאַלטן (מיט אַלץ). „,...בּטלנים וועלכע טוען גאָרנישט און פֿאַרלאָזן זיך אויף זייערע... ווייַבּער, זיי זאָלן זיי א'..., נאָכגעבּן אַלע פֿאַרגעניגן,,, ייִפֿאָל, 7 188, No.

אויסשפּייזן זיך — ← דפֿוו. אויסהאַלטן

-

זיך, דערנערן זיך. „פֿון אַ בּעל־מלאָכה — וועלכער האָט זיך אָרנטלעך אויסגעשפּײַזט פֿון זײַן אַרבּעט — האָט מען אַוועקגערויבּט אַלע כּיבּודים", ייִפֿאָל, 40 l885, No.

אויסשפּײַזער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

אָנגעשטעלטע(ר) פֿון אַ קאָמיטעט וואָס פֿאַרטיילט שפּײַז צווישן נויטבּאַדערפֿטיקע.

אויסשפּײַכלערן — טרוו. ־ער אויס, ~ געי

שפּײַכלערט. 1. אַרײַננעמען, אַרײַנשטעלן, אויסלייגן אין אַ שפּײַכלער. א, סחורה. א, די פּאָר וואַגאָן 2. (אויס)האַלטן אין שפּײַכלער. א, פֿלאַקס בּיז די פּרײַזן וועלן שטײַגן.

אויסשפּײַעכן

אויסשפּײַעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. רעזולטאַט פֿון אויסשפּײַען; שפּײַעכץ.
2. מיט ביטול: אויסשפּײַ, אויסשפּײַאונג.
אויסשפּײַען — טרוו. שפּײַ אויס, ~געשפּײט.
אַרכ. אויספֿאָרשן, אויסקוקן, אויסשפּיאָנירן.
„קומן זי אונז אינש הויז, שפּעהן זי אליש
אויז“, אַשכּנז. מ t פּאַרטײַטשט 'ויתרו את
ארץ כּנען, (בּמדבּר, יג, 2): „אונ, זי זאָלן
אויז שפּעהן...“ בּאר משה: „אונ זיי האבּן
אויש געשפּעהט“. „שפּראכין דיא לייט וויא
קאנין מיר דאש זעהין אויש צו שפּעהין צו
ווישן אַלץ„, נצ1, בּמדבּר, י/ג. [נפֿתּלי גראָס,
בּײַם איבּערזעצן היינען: „איך שפּע דעם וואַלד
אויס אומעטום“]. אויך אין אַן אַנאָנים בּיכל
טויט שרעקענעס בּײַא דעס ערשטן סדר: „
טויזנט פּיסקאָלן...וואָס פֿלעגן אויסצושפּײַען אין
אַלע ערטער“.
אויסשפּײַען — טרוו. שפּײַ אויס, ~געשפּיגן,
--
~געשפּײַט [אויך לר: ~געשפּיִען]. 1.
אַרויסבּרענגען (אַרויסוואַרפֿן, אַרויסשפּריצן) פֿון
מויל שפּײַעכץ אָדער בּכלל עפּעס (מיטן
שפּײַעכץ). א, אַ בּיטערן בּיסן, שאָלעכץ, אַ בּיינדל,
וואַסער. א, בּלוט. „זײַ ניט צו זיס, מע זאָל

דיך ניט אויפֿעסן; זײַ ניט צו ביטער, מע זאָל
דיך ניט א'", שוו. „און גאָט האָט געהייסן
דעם פֿיש, און ער האָט אויסגעשפּיגן יונהן...,,
תּי, יונה, ב, 11. „[ווען דער כּהן האַלט דאָס
עסן אין מויל און] מען האָט אים געזאָגט:
דו ביסט טמא געוואָרן, אָדער די תּרומה איז
טמא געוואָרן, — זאָגט רבּי אליעזר: ער מעג
אַראָפּשלינגען, און רבּי יהושע זאָגט: ער
מוז דאָס א'", זרעים, עח/2. *עס איז נאָר
אויסצושפּײַען = עס האָט זייער אַ שלעכטן
טעם, ניט גוט צום עסן, געניסן. *ווערסט עס
(קענסט עס) ניט א, = עס איז גוט, געשמאַק,
וויכטיק. *א, די לונג(ען), די גאַל = רעדן,
טענהן זייער אַ סך און ניט פּועלן. *א, די
גאַל = אויך: זײַן אויפֿגערעגט, דערצאָרנט,
האָבן גרויס האַרצווייטיק. *א, די נשמה =
אויך: הונגערן; האָרעווען איבער די כּוחות.
*מע קען די נשמה ניט א, = מע מוז ווײַטער
פֿירן דאָס נאָרמאַלע מענטשלעכע לעבן. „
דערווײַל דאַרף מען לעבן, די נשמה א, קען מען
ניט", שע, מאָטל. *א, (מיט) קלעק = א) א,
מיט בלוט, פֿלעגמע, ווי אַ שווינדזיכטיקער;
ב) אויסדריקן עקל; ווערן שטאַרק פֿאַרנודיעט.
„...לויף איך [פֿון אים] אַוועק און שפּײַ אויס

קלעק", יאַ, ערשטער יודישער רעקרוט. „מע מעג א, קלעק פֿאַר אַזעלכע שענדלעכע מעשות", ארז, קמ, 18 l867, No.

2. אויסדריקן ביטול, פֿאַראַכטונג, עקל (דורך א, ממש, אימיטירן דאָס א, אָדער זאָגן אַז מע שפּײַט אויס). „וואָס איז, רבֿ יודעלע, באמת דאָ אַזוי דאָס געוויין? שפּײַ אויס און בלײַב שטום", ממוט, טפּר הבהמות. א, אַ זידלוואָרט, אַ קללה. "ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט... אויסגעשפּיגן אַ קללה אין דער נאַכט אַרײַן און אַ געשריי געטאָן...", אָפּאַ, ראָמאַן פֿון א פֿערד־גנבֿ. „עש טאָר קיינר ניט אויש שפייאן אין (שמונה עשׂרה)", לט1, 1/11 [זען ציטאַט בײַ אויסשפּוקן פֿאַרקערט, .

בײַם דערמאָנען עפּעס אומריינס, אומגליק, קראַנקייט קומט דאָס א, אויך ווי אַ סגולה].

„די גויים אָבער האָבן... זיך איבערגעצלמט און דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן", ממוס, שלמה.

פֿאַר אַ רוח גרוילט דאָס לײַב, מע שפּײַט זיבן

"

מאָל אויס, דערמאָנענדיק זיך נאָר אין אים“, ממוס, אַ סגולה... [איבער דעם מנהג פֿון א, בײַ דער לעצטער תּפֿילה 'עלינו']. *קומען צום א, = קומען גאַנץ שפּעט, נאָך אַלעמען. *האַלטן בײַם א, = האַלטן בײַם סוף. ס'איז שוין נאָכן א, = שוין צו שפּעט (עפּעס בײַטן, פֿאַרריכטן). *א, עלינו — פֿאַרענדיקן דאָס

— —

דאַווענען. „אויסגעשפּיגן עלינו, דערלאַנגט מיר דער ייִד שלום“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „אַז מע קומט אָן נאָך עלינו, שפּײַט מען אויס און מע גייט אַהיים“, שוו. „ס'האָט שוין געהאַלטן, ווי זאָגט מען דאָס, בײַם א', דײַטש רוצח האָט שוין געזען אַז ס'איז בּאו מים...„, דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט.

3. אַרויסוואַרפֿן, אַרויסשטויסן. 'כאשר קאָה את הגוי, (ויקראָ, יח, 28) מלל: „אויש גשפּייט„, תּי: „אויסגעשפּיגן“. „און די ערד זאָל אײַך ניט אויסשפּײַען...“, חה, ח„בּ, 135. „די רוישנדיקע גאַס וואָס בלענדט, שלינגט אײַן פֿאַר אונדזערע אויגן הונדערטער מענטשן יעדן טאָג... גיט יעדן אַ שטיקל גומע צו קײַען און שפּײַט אויס פֿאַרטיקע אַמעריקאַנער„, אָפּאַ, היבּרו. „אַ מאַסע מענטשן...

זוכן וואו... א, די זאַטקייט“, בּרעגמאַן, דורך
קריג און רעוואָלוציע.
4. זיך מודה זײַן פֿאַר פּאָליציי אין אַ
פֿאַרבּרעכן; אַרויסגעבּן מיטבּאַטייליקטע אין אַ
פֿאַרבּרעכן פֿאַרשווערונג. א, די גאַנצע מעשׂה,
— ,
די נעמען, דעם סוד.
אויסשפּײַעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויעךדיקער פֿילמאָליקער) פּראָצעס פֿון
אויסשפּײַ,
ען. אַן אויסכראַקעניש, אַן א', אַ הוסטעניש.
*קומען צו א, = צו 'עלינו', שפּעט, נאָך
אַלעמען (← אויסשפּײַען בּ2).
אויסשפּייער — דער, (־ס). אַרכ. ווער עס
שפּײַט אויס. אויסקוקער, שפּיאָן. מ⌷ t
פֿאַרטײַטשט 'מרגלים אַתּם, (בּראשית, מבּ, 9):
„אויש שפּעהר“ [תּי: אויסקוקערס].
אויסשפּייצן, ~שפּײַצן — טרוו. שפּייץ
שפּײַץ) אויס, ~געשפּייצט (~געשפּײַצט).
(דרוקערײַ) אַרײַנשטעלן שפּייצן צווישן די
אותיות, אויסשפּרייטן די אותיות. א, אַ וואָרט,
אַ שורה.
אויסשפּיל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויסשפּילן. „ניט־היימלעכע דעקאָראַציעס פֿאַרן א,

פֿון זײַנע לידער“, יג, איק, 2 .17 1956 II. דאָס
באַשטימען ווער עס געווינט אין אַ
לאָטעריי אָדער בײַם אויספּלעטן עפּעס. ווען איז
דער א, פֿון גראַמאָפֿאָן פֿון זייגער? 3.
פֿאָר,
האַנט, די ערשטע קאָרט וואָס מע גייט אַרויס
מיט איר; דאָט רעכט אָנצוהייבן אַ
קאָרטנשפּיל. ווער האָט דעם א'? וואָס איז געווען
דער א,?

אויסשפּיליעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס,
טואונג פֿון אויסשפּיליע(נע)ן.

אויסש ̣ יליע(נע)ן — טרוו. ־ליע אויס, ~
געשפּיליעט. אָפּשפּיליען; צעעפֿענען, לויז מאַכן
דורך אַרויסנעמען קנעפּל(עך) פֿון קנעפּללאָך
אָדער האָקן, העקל פֿון מאַמעלע, ווײַבעלע.

אויסשפּילן

-

א, די מאַנטעלעך און זיי אויסטאָן. א, דעם
פּאַלטן ווײַל עס איז הייס.
אויסשפּילן — אוטוו. שפּיל אויס, ~גע־.

שפּילט. פֿאַרענדיקן דעם פּראָצעס פֿון יוי.
רונג. דער ווישניק האָט אויסגעשפּילט. ,,דער
זויערשטאָף... מאַכט א, אונדזערע בעסטע
ווײַנען,,, י. מ. ליפֿשיץ, קמ, 25 1864, No.
,,די ראָזשינקעס האָבן בײַ אײַך אין קעלער
אַפּנים ניט רעכט אויסגעשפּילט ', שע, 'ארבע
כּוסות,.
אויסשפּילן — טרוו. ← דפֿוו. 1. דורכשפּילן
אינגאַנצן אַ ניגון (מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע).
דער אָרקעסטער שפּילט אויס די סימפֿאָניע.
,,ער קען אויפֿן פֿידל מעבֿיר זײַן די סדרה,
א, דעם ניגון פֿון שיר־השירים, איכה און
כּל־נדרי“, אר, 'דער איינציקער בחור'. ,,...האָט
אַרויסגענומען אַ מויל־האַרמאָניקע און
אָנגעהויבן א, דעם אינטערנאַציאָנאַל“, אָפּאַ, ,פֿירשט
דאָלגאָרוקאָוו'. ,,אַ זומער־ליד שפּילט אויס דער
וואַלד, אַ פֿרילינג־ליד שפּילט אויס דער
שטורעם“, מאָל, אין לאַנד פֿון מײַן געביין.
2. דורכפֿירן אַ פֿאָרשטעלונג;
אַרויסבּרענגען אַ כאַראַקטער אויף דער בינע. ,,די טרופּע
האָט גוט אויסגעשפּילט די פּיעסע,,, י. בּריקס.
דער אַקטיאָר האָט וואונדערלעך אויסגעשפּילט
דעם משולח אין 'דיבּוק'. א, פֿאַרשיידענע
ראָלן. ,,די יידישע טראַגעדיע איז

אויסגעשפּילט געוואָרן אויף דער בינע פֿון אייראָפּע,,, שטריגלער. ,,עפּאָכן פֿון ייִדישן לעבן
אויסגעשפּילט פֿון פֿאַרבאַנד־טרופּע מאָרגן אָוונט,,, פֿאָר, 22 l960 I.

3. אויספּלעטן, פֿאַרקויפֿן בילעטן צר געווינען עפּעס. ,,ער האָט גאָר קיין געלט ניט געהאַט, האָט ער אויסגעשפּילט דעם זייגער זײַנעם, גענומען אַ פֿערטעלע פֿאַר אַ בילעט“.

4. קויפֿן אַ פּלעט, אַ בילעט צו געווינען. לאָקל, קאָלאָמיי. ער שפּילט אויס אַ גאַנץ טערקיש קוויטל = קויפֿט אַ פֿולן בילעט פֿון טערקישער לאָטעריי.

5. געווינען אין אַ פֿאַרמעסט, אַזאַרטשפּיל, לאָטעריי; מצליח זײַן. ,,ס'ווײַב זײַנס איז אים אָפּגעשטאָרבן און ער האָט אויסגעשפּילט אין דער לאָטעריי,,, נאַד. א, דאָס גרויסע געווינס.

6. געווינען אַ פּראָצעס, אַ דין־תּורה. ,,דער דין־תּורה איז אײַערער, איר האָט אויסגעשפּילט“, דלוגאַטש, וועלט־מסורה, וואַרשע 1881. ,,ער האָט זיך... געלאָדן און אויסגעשפּילט אַן ערך פֿיר הונדערט רובל“, בערג, אַרום וואָקזאַל. ,,...שטענדיק אויסגעשפּילט די שווערסטע קרימינאַל־פּראָצעסן“, בערג, כּ ים דניעפּער I .

7. אַרויסגיין מיט דער ערשטער קאָרט אין אַ קאָרטנשפּיל; דורכפֿירן (גוט, גערעכטן) אַ שפּיל אין קאָרטן; אויסניצן די שאַנסן אין קאָרטנשפּיל. „ווי פֿאַלט דיר אײַן א, מיט שעל?" „ער שפּילט אויס דעם פּרעפֿעראַנס ווי אַ מאדים". *שוין אויסגעשפּילט דעם גאַנצן טרומף, דעם לעצטן טרומף (קאָזיר) = אַלע שאַנסן אויסגעניצט, איצט איז שוין מער ניטאָ קיין מיטלען (עצות). *א, דעם איין־און־צוואַנציק (דעם איין־און־דרײַסיק) = האָבן מזל. *א, איינעם קעגן דעם אַנדערן = אויסניצן, אינטריגירן. „מאָסקווע שפּילט איצט אויס

בייאויסשפּילן זיך

דע אַראַבישע ריוואַלן איינעם קעגן דעם אַנדערן", פֿלינקער, טמז, 3 1959 III.

8. ניצן אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט אַ לענגערע צײַט און דורך דעם אים בעסער מאַכן. אַ פֿידל דאַרף מען א'.

אויסשפּילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. שפּילן אַ לענגערע צײַט און מער ניט קענען (אָדער סתּם אויפֿהערן). „דער אַלטער קלעזמער האָט זיך שוין אויסגעשפּילט, די הענט ציטערן אים

שוין,,. 2. זײַן אַ רעזולטאַט פֿון מזל, באַקומען זיך. ,,דו זעסט, דאָס געשעפֿט האָט זיך גראָד אויסגעשפילט בעסער ווי דו האָסט זיך געריכט“, רייד.

אדיסשפילעכץ — דאָס (ד), ־ן (־ער). אויסשפיל, אויך מיט איר בײַטעם. טואונג פֿון אויסשפילן. ,,וואָס וועט אַרײַנפֿאַלן פֿון א'“, העשעלעס.

אדיסש ילעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשפילן. אויסשפיל, אויסשפילעכץ.

אויסשפילער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע. ווער עס שפילט אויס. ,,איך בין נאָר דער שותּף, דער א, איז ער,, (בײַ געוויסע קאָרטנשפילן).

אויסשפילערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג און אופֿן פֿון טואונג פֿון אויסשפילער.

אויסשפילקעווען, ־קע(נע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אויס, ~געשפילקע(ווע)ט. אויסשטעכן מיט שפּילקעס (בײַם אונטערבייגן, קירצן פֿאַרריכטן). א, און צונויפֿנייען. א,

,

דעם זוים פֿון מאַנטל, קלייד.

אדיסשפינדלען — טרוו. ־דל אויס, ~ געשפינדלט. אויסאַרבעטן פֿאָדעם (אָדער עפּעס

אַנדערס) אויף אַ שפּינדל, פּרימיטיוון מכשיר צום שפּינען.

אויסשפּינונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּינען.

אויסש￼ינען — טרוו. שפּין אויס, ~ געשפּונען (אויד: ~געשפּינט). 1. פֿאַרענדיקן אויסאַרבעטן פֿאָדעם פֿון וואָל אָדער פֿלאַקס. ,,זי וויל די וואָל אַליין א, אין די ווינטערדיקע לאַנגע נעכט“, ספּ, ייִדישער קאָלאָנ￼סט. ,,קאָן א, פֿאַר אונדז פֿײַנע פֿאַרביקע, כּישופֿ, דיקע פֿעדעם,,, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן. 2. אויך: אויסוועבן (אין אומפּינקטלעכן באַנוץ). ,,עטלעכע אַרשין דיקע געוואַנט און ווײַסע לײַוונט וואָס זי האָט אין דער היים אויסגעשפּינט,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,האָלענדער האָבן די בעסטע מאַשינען. זייערע מאַשינען שפּינען אויס דעם בעסטן לײַוונט“, לדב.

3. (מעטאַפֿאָריש) שאַפֿן עפּעס וואָס דערמאָנט אין פֿעדעם, אין פּראָצעס פֿון שפּינען אָדער וועבן. ,,מיט דער צײַט האָבן זיי אויסגעשפּונען אַ מסורה“, פּרץ. ,,ניין, ניט פֿין ערד. פֿון ווינט האָט [גאָט] מיך אויסגעשפּונען,,,

מל, 'אין זײַן גענאָד'. „הינטער בלאָנדע
ברעמען שפּינט דער בלויער שלאָף פֿון אַ ווײַסן
הלום אויס אַ סטאַדע שאָף“, הר, מײַן ליכט□־
קע נסיעה. „די נאַכט האָט מיך געפֿונען פֿון

□

העלע ווײַסע יאָרן אַ חצות־ליד
אויסגעשפּונען,„ הל, ,אַזוי ווי דורכן שלאָף'. „ער האָט
ווי אַ מײַסטער אויסגעשפּונען די דערציילונג“,
אפֿא, געטראַכט מיט ע□רי־טײַטש.

אויסשפּינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
שאַפֿן (אָן אַ קלאָרן בכּיוון) אויף אַן אופֿן
וואָס דערמאָנט אין שפּינען. אַרום אַזאַ
פּערזענלעכקייט ווערט זיך א, נײַע לעגענדעס.
„ווי אַזוי עס שפּינען זיו [אויס], עס וועבן
זיך אין אונדז אויס וואונדערלעכע חלומות“,
ממוס, קליאַטשע.
אויסשפּינער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שפּינט אויס. געניטע א'ין.
אויסשפּ□ער — דער, ־ס. ארכ. דזוו
אויסשפּייער ←. „איך שווער אַזוי ווי דער מלך
לעבט, אַז איר זענט א'ס, דערום זענט איר
געגאַנגען...„, ספֿר הישר, מקץ, וואַרשע 1859.

אויסשפּיציקן — . טרוו. ־ציק אויס, ~ געשפּיציקט. (טאָקערײַ, סטאָליערײַ) מאַכן שפּיציק. א, אַ פֿלאָקן.

אויסשפּיצלען — טרוו. ־צל אויס, ~ געשפּיצלט. אויסכיטרעווען; מיט אַ שפּיצל, המצאה, קלוגן אײַנפֿאַל עפּעס דערגרייכן. א, אַ הנחה, ▯ אַ הוספֿה, אַ געשעפֿטל.

אויסשפּיצן — טרוו. שפּיץ אויס, ~געשפּיצט. 1. מאַכן עס זאָל זײַן (אויסזען ווי) מיט אַ שפּיץ. אויסבייגן און א, דאָס שטיקל טייג, עס זאָל זײַן אַ האָרנדל. „דער שוואַרצער יונג האָט פֿונסנײַ אויסגעשפּיצט דאָס מויל צום פֿײַפֿן„, באַש, פֿאָר, 1958 ▯ 10. *א, די אויערן = אָנשטעלן, אָנשפּיצן די אויערן (בײַם וועלן דערהערן). „און די אויערן אויסגעשפּיצט צו די בית־מדרש־פֿענצטער צו“, פּרץ, זכרונות. 2. גוט פֿאַרענדיקן אַרבעט; אויסרעכענען ווי צו קומען צו געוואונטשענעם רעזולטאַט. אויסקאָמבינירן, אויסכיטרעווען. א, אַז עס זאָל זיך באַקומען פֿאַר זײַן טובֿה. “און ווער קען נאָך א אַ גוטן שידוך

,

צו טאָן... מיט דאָס לעצטע קינד?“, אמד, די שיינע מירקע, ווילנע 1886. מיט ז י ד —

ווערן קליגער, געלערנטער, געשליפֿענער. „בײַ אײַך וועט זי זיך א, און וועט ווערן מער געלערנט“, ל. פּימסנשטיין, די צוואָה, לעמבערג 1894.

אויסשפּיצעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס, טואונג פֿון אויסשפּיצן.

אויסשפּיקעווען — טרוו. ־קעווע אויס, ~ געשפּיקעוועט. אויסשפּיאָנירן (ווי אַן אונטערגעשיקטער פֿוו דער מאַכט, פּאָליציי). „ריידן רעדסטו ווי אַ פּריץ וואָלט דיך געדונגען עפּעס א, בײַ אונדז,,, גאָדינער, דער סע טש מיט דער ביקס.

אויסשפּיר — דער, ־ן. אָקט פֿון אויסשפּירן. דער א, איז בײַ אונדז גוט אײַנגעשטעלט. א'־הונט, א,־גרופּע, א,־עראָפּלאַן ,א'־סטאַנציע.

אויסשפּירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסשפּירן. בײַנאַכטיקע א'. מוטיקע א,.

אויסשפּירן — טרוו. שפּיר אויס, ~געשפּירט. 1. אויסקוקן, אויספֿאָרש(ט)ן. א, דעם שׂונאס לאַגער. „דא געביטס דער מלך זייני קנעכט זיא זאַלן אויש שפּירן אונ זאַלן אויז פֿארשטן ווער דאז גיטאן האָט“, לט1, 2/34. 2. אייסגעפֿינען; דערשפּירן; דערגיין אַ סליאַד, צייכן, סימן. דער הונט שפּירט אויס דעם פֿוקס, דעם

וועג צוריק. „זי שפּראַכן צו אים: איר אידלר הער, איין וועג זולט איר אוייך אויז שפּורן“,

אויסשפּענדן

בּבֿא־בּוך, 276. 3. דורכפֿילן, איבּערלעבּן. „מע קען ניט אַלץ אויסדערציילן וואָס מע קען א',„.
4. דערפֿילן מיט איינעם פֿון די חושים.
אויסשפּירעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשפּירן (קען האָבּן איר בּײַטעם).
אויסשפּירער — דער, ־ס. ווער עס ווערט געשיקט אויסצושפּירן וואָס עס טוט זיו בּײַם שׂונא. אַ גרופּע א'ס. „ווײַל איך האָבּ נושׂא חן געוועזן, האָט מען מיו פֿאַררעכנט אין די א'ס,„, בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I.
אויסשפּירערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסשפּירער, אַ נעסט פֿון א'. מע לערנט זיי א,.
אויסשפּירעריש — אַדי. וואָס איז בּײַ אַן אויסשפּירער. א'ע טריט, בּליקן.
אויסשפּליטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּליטערו. די א, פֿון אַטאָם.

אויסשפּליטערן — טרוו. ־ער אויס, ~
געשפּליטערט. 1. אויסהאַקן שטיקל(עך) פֿון
גלאָזוואַרג. א, אַ גלאָז, אַ שויב. 2. אויסהאַקן
לאַנגע, דינע פּאַסן פֿון האָלץ. א אַ שײַטל

,

אויף קינעלעך. 3. אויסשפּאַלטן בכלל. א,
דעם אַטאָם.
אויסשפּעגן, ~שפּעהען — טרוו. שפּעג,
שפּעה(ע) אויס; ~געשפּעגט, ~געשפּעה(ע)ט.
אַרכ. דזוו אויסשפּײַען ←. י. רובענציק, ספֿר
החן הוא חנוך נערים, ווילנע 1868,
פֿאַרטײַטשט 'תּור, (במדבר יג, 25): אויסשפּעגן.
אויסשפּעגעווען —. טרוו. ־געווע אויס, ~
געשפּעגעוועט. דזוו דפֿוו. אויסשפּיאָנירן. דרI.יזין.
אויסשפּעגעלירן — טרוו. ־ליר אויס, ~
געשפּעגעלירט. פֿטמ־ דזוו אויסשפּעקולירן,
אויססּפּעקולירן.
אויסשפּעטן — טרוו. שפּעט אויס, ~געשפּעט.
פּד, אוקר. דזוו אויסשפּאָטן ←. „ווער איין
טויטן מענש טוט אויש שפּעטין דער טוט הש"י
לעסטערין", עיון, 2/48. "און די הערשער און
באַצווינגער אויסצושפּעטן גרייט, רוישן ווי די
וואַסער־אינדן שפּעטיש און פֿאָרשײַט", פּרץ,
איבז 'אַקדמות'. „האָבן זיי מיט חוזק מיך

אויסגעשפּעט און אויף אייבּיק אַ צונאָמען מיר געגעבּן: גראַם־שטראַם־לאַטוטניק, גראַמשטראַם־פּאָעט,,, מל, ,איך בּין..., ,,האָבּ איך... פֿון די שטערנזעערס אויסגעשפּעט און אויסגעלאַכט", איין שיינה מע)ה פֿון צענטאָרע ווענטאָרע, זשיטאָמיר 1876.

אויסשפּע(י)ער — דער, ־ס. אויך:~ שפּעהער. דזוו אויסשפּייער ←. דא זאָגט הקבּ"ה צו זיא, גיט איר אונ, זייט אויש שפּעאר צו ווישן דען עולם הטובֿ, דען גילוסטיגן עולם העליון", נוצ1 בּמדבּר, י/ג. בּ, יא/בּ: ,,מרגל — אויש שפּעהער,,.

אויסשפּענדלען — טרוו. ־דל אויס, ~ געשפּענדלט. אויסהאַקן אין שפּענדלעך, א, אַ בּרעט, אַ שײַט האָלץ.

אויסשפּענדן — טרוו. שפּענד אויס, ~ געשפּענד(ע)ט. לאָקל, קורלאַנד. אויך: ~ שפּענדירן. אויסגעבּן (געלט) אויף אומנוציקע זאַכן. א, אַ הונדערטער אויף מתּנות, אויף אַ הוליאַנקע.

אויסשפּעקולירונג

אויסשפּעקולירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּעקולירן.
אויסשפּעקולירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
שפּעקולירט. דזוו אויססּפּעקולירן (
פֿאָלקסטימלעכער); אויסקאָמבינירן. א, פֿון איין
שטיקל לײַוונט (אויף) צוויי העמדער. מ t
פֿאַרטײַטשט 'תּרתּי בלבּי, (קהלת, ב, 3): ,,איך
האב ווידר אויז שפּיקולירט“ [תּי: ,,
אויסגעקלערט“] ,,דער מײַסטער שנײַדט צו...
מוטשעט זיך... מער יתור אויסצושפּעקולירן,,,
ארז, קמ, 33 1863, No. ,,דער פּראָצענט וועט
דאָך אויפֿעסן דעם קרן. וואָס וועט איר א אַז
,
איר וועט לענגער האַלטן?“, אר, ,פֿלאַקס'.
אויסשפּראַך — די, ־ן. 1. אופֿן
אַרויסברענגען קלאַנגען, ווערטער; אַרויסרייד. אַקצענט.
,,און רעדן ביידע אויף איין לשון, נאָר מיט אַ
באַזונדערער א',,, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס. ,,ער
רעדט בלויז גוט ייִדיש, און דאָס עד־היום
מיט אַ שאַרפֿער פּוילישער א',,, מוק, מײַנע
באַגעגענישן 2 .I. פּאַסיקער אויסדרוק; מיסל
זיך אויסצודריקן. ,,ווען איינער דערזעט אַ ציור
נאה ביותר ווערט ער אינגאַנצן פֿאַרכאַפּט...
ער האָט ניט קיין א'“, לדב.

אויסשפּראָך — דער(?), ־ן. אַרכ. 1.

אַרויסזאָג פֿון משפּט; פּסק־דין. ▯ב יא/א: „פּסק דין — אויש שפּראָך„. 2. דזוו אויסשפּראַך ימ, די נײַע שול, 1930 [ווי אַ פּרוּוו אויסצומײַדן דאָס דטשמ וואָרט אויסשפּראַך, אָבער אין 1957 אײַנגעפֿירט נעאָל: אַרויסרייד]. ← ~שפּרוך.

אויסשפּראָץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אויסשפּראָצן. עפּעס וואָס האָט אויסגעשפּראָצט, ריטל, גרעזל. אַ יונגער א, פֿון אַלטן שטאַם.

אויסשפּראָצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּראָצן.

אויסש▯ ראָצן! — שפּראָץ אויס, ~געשפּראָצט.

אוטוו — 1. אַרויסקומען אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד אָדער פֿון אַ שטאַם ווי אַ באַזונדערער געוויקס אָדער טייל פֿון אַ געוויקס. „און, אַז אָדם איז בישאפֿין גיווארין (מיד הנצנים נראו בארץ), דען וואַר אַלץ אויש שפּראצין„, נצ1, בראשית, כו/א. „...איין יונגר מאַן, קיין בארט צומאָל גהאט, איין ווינציגל האָט אים אויש גשפּראצט“, שו„ת ב„ח פּפּמ, 1797. „פֿון יעדער טרער וואָס

'

וועט פֿון דײַנע אויגן פֿאַלן וועט א, פֿון דער זינדיקער ערד אַ ווײַסע ליליע“, פּרץ. א, ווי

שוועמלעך נאָך אַ רעגן, ווי ווילדקרויט.
2. אַרויסקומען, אָפּשטאַמען. „....דיא לייט דיא עשירות גיהאַט האבּין און זענין פֿון אייטיל עשירים אויז גישפּראצט“, גה, 139. „פֿון אַ פֿאַראיבּל שפּראָצט אויס אַ מחלוקת“. טרוו — מאַכן עס זאָל אַרויסשפּראָצן. דער פֿרילינג שפּראַצט אויס די קווייטן און די גראָזן. „דער שטאַרקער — דאָס איז יצחק...צו זעכציק יאָר איז ער אויסגעשפּראָצט געוואָרן מיט צוויי קינדער“, מלרה, נד/א.
אויסשפּרודלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויסשפּרודלען. אַרויסקוואַלונג. „די ערשטע א'ן פֿון דער רעליגיע־קרעניצע“, אַבֿאָ גאָרדין, ייִדישע עטיק, 1937.
אויסשפּרודלען — אוטוו. ־דל אויס, ~ געשפּרודלט. (מיטאַמאָל, פּלוצעם) אָנהייבּן

שפּרודלען. אַרויסקוואַלן מיט אימפּעט. עגבּערן אין שטיין, ביז עס וועט א, וואַסער.
אויסשפּרוך — דער, ־ן. 1. שפּרוך, שפּראָך. די מכשפֿה מיט איר כּישוף־א., 2.
אויסשפּראַך. „....מיט אַן א אַ פֿאָנפֿאַטן, בּירושה

פֿונעם טאַטן" פֿרוג II, 'משיחס צײַטן,.

3. אַרכ. פסק־דין. ,,דש מן דש משפט אויף האַלט אונ, טון קיין אויש שפרוך,,, מהמ, אמשט, 1722, ט/ב. ← אויסשפּראָך.
אויסשפּרונג — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסשפּרינגען. אַן א, פֿון אַ טראָפּעלע אייטער.
אויסשפּרײַזן — אַקוזוו. שפּרײַז אויס, ~ געשפּרײַזט. אויסשפּאַנען, אויסגיין מיט גרויסע טריט. א, די גאַסן הין און צוריק.
אויסשפּרייט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויסשפּרייטן. דער א, פֿון די לײַלעכער איבערן גראָז. 2. דאָס וואָס ווערט אויסגעשפּרייט; לײַלעך, קאָלדרע, דעק(ע), צודעק. קויפֿן אַ נײַעם א, פֿאַר דער קאַנאַפּע. ,,זיך אויסגעלייגט שלאָפֿן אויף אַן א, אויפֿן דיל", הל, טמז, 3 .18 1953 ‎I. הימל־געוועלב, 'רקיע,. ,,און גאָט האָט געמאַכט דעם א', און האָט פֿונאַנדערגעשיידט צווישן די וואַסערן וואָס אונטער דעם א, און צווישן די וואַסערן וואָס איבער דעם א'", תּי, בראשית, א, 7.
אויסשפּרייטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּרייטן. ,,די

אומגעריכטע א, פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין
אַמעריקע...,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער
II. מלל פֿאַרטײַטשט 'התדע על מפֿל י עבֿ,
איובֿ, לז, 16): "אויש שפּרייטונג". 2. באר
משה פֿאַרטײַטשט 'רקיע, — א'. אַזוי אויך
מגישי מנ וה.
אויסשפּרייטיק, ־טלעך — אַדי. וואָס קען
(איז מסוגל) זיך אויסצושפּרייטן. ,,ניט אַלע
אויס ־.יי
ייִט, ~שפּרייטלעכקייט
מעטאַל זײַנ גלײַך א'". נעאָל.

— די (דאָס), ־ן. 1. פֿעאיקייט פֿון קערפּער
זיך אויסצושפּרייטן, ווען עס ווערט באַווירקט
פֿון וואַרעמקייט. א, פֿון גאַזן. 2. בכלל,
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון קענען זיך
אויסשפּרייטן. א, פֿון אַן אידיי(ע).
אויסשפּרייטן — טרוו. שפּרייט אויס, ~
געשפּרייט. 1. אויסוויקלען, אויסלייגן עס זאָל
פֿאַרנעמען מער שטח אין דער פֿלאַך. א אַ
,

-

לײַלעך, קאָלדרע, דעק(ע). „איך טאָר ער
[אום שבת] קײן קלײד ניט אויף הענגען, נאָך
ניט אויש שפּרײטן אום צו טריקנען“, לט, ,
2/67. „שפּרײט אויס די הימלען ווי אַ
פאָרהאַנג“, תּי, תּהלים, קד, 2. דז מלל 'נוטה, —
„אויש גשפּרײט“. „און כאָטש די זון שפּרײט
אויס נאָך אירע גאָלדענע דיוואַנען, איז קאַלט
די טויבן אין אָקטאָבער, ווען די בלעטער
וויאַנען“, ר. זשיכלינסקי. *א, די זעגלען =
אויך: זיך לאָזן אין וועג אַרײַן; ניט דורכלאָזן
קײן פּאַסיקע געלעגנהייט. *א, אַ נעץ = אויך:
טאָן עפּעס אַז אַ צווייטער זאָל אַרײַנפאַלן.
דער שׂטן שפּרײט אויס זײַן נעץ.
2. אויסציִען, פונאַנדערנעמען. א, די הענט,
די פיס. *א, די הענט = אויך: תּפילה טאָן,
בעטן רחמנות   פון אַלדאָס פינצטער־ערדישע
. „
זיך אויסטאָן, צו גאָט די שלאַנקע אָרעמס אַ
שפּרײט אויס טאָן“, צײַט, געזאַמלטע לידער I.

אויסשפּרינגען

*א, די פֿליגל(ען) = אויך: אָנהייבן פֿליִען;
וואַקסן גײַסטיק, קריגן ברייטערן, גרעסערן
פֿאַרנעם. *א, די פֿליגל(ען) אויף (איבער) עמעצן
= באַשירעמען, באַשיצן. 'כפה פרשה לעני,
(משלי, לא, 20) — חה: ,,זי האָט אירע הענט
אויסגעשפּרייט פֿאַר דעם אָרעמען", תּי: ,,איר
האַנטפֿלעך שפּרייט זי אויס צום אָרעמאַן".
,,שפּרייט אויף איר אויס אײַערע פֿליגל און
לאָז זי דורך אײַך אויך געהאָלפֿן ווערן,,,
ממוס, קליאַטשע. ,,שפּרייט דײַנע הענט אויס
צום דוכן", צייס, ,קאָסמישער פֿלאַם'.
3. אויפֿבויען, אויפֿשטעלן עפּעס וואָס
פֿאַרנעמט ברייטן שטח. א, דעם דאַך. א, אַן
אויסשפּרייט, ב3. ,,....האָב אויסגעשפּרייט זײַנע
אונטערשטע יסודות וואָס דער בנין זאָל דערויף
שטיין", חה, 45. 4. פֿונאַנדערוויקלען, מאַכן
עס זאָל פֿאַרנעמען מער שטח (גײַסטיק). א,
פּרינציפּן, הנחות.
5 פֿאַרשפּרייטן, צעטראָגן. א אַ ידיעה,
, .
רכילות. ,,דיא לומדים טואהן דיא תּורה אויש
שפּרייטן און לערנן אונטר לייטן,,, עיון, 2/15.

אויסשפּרייטן זיך — ← דפֿוו. אויסציִען
זיך פֿאַרנעמען גרעסערן (גאַנצן) שטח. די
,
כמאַרע שפּרייט זיך אויס איבערן גאַנצן הימל.
אַ שמייכל שפּרייט זיך אויס אויפֿן פּנים. מלל
פֿאַרטײַטשט ,ויגהר ארצה, (מלכים א, יח, 42):
,,זיך אויש גישפּרייט,,. די מגפֿה קען זיך א'.
דאָס לאַנד שפּרייט זיך אויס ביזן ים. ירושלים
וועט זיך אויסברייטערן און זיך א'. ,,
ארץ־ישׂראל וועט זיך א, איבער דער גאַנצער
וועלט" [עתידה א"י שתתפשט בכל אַרצות].
פֿון וועלכע צײַט ווערט די תּבֿואה הייליק?
,,
ווי עס שפּרייט זיך אויס די וואָרצלען",זרעים,
מז/א פֿון טויזנט לעכער קריכט די נאַכט
. ,,
זיך אויסצושפּרייטן", יהואָש.
אויסשפּרייטעוודיק — אַדי. וואָס קען זיך
אויסשפּרייטן; וואָס מע קען אויסשפּרייטן. אַן
א'ע קראַנקייט.
אויסשפּרייטעוודיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט צו קענען (זיך) אויסשפּרייטן. די
א, פֿון דער קראַנקייט פֿון די הנחות.
,

אויסשפּרייטעניש — דאָס (די), ־ן.
גערדויערדיקע, בּרייט־פֿאַרנעמיקע אויסשפּרייטונג.
אויסשפּרייען — שפּריי אויס, ~
געשפּריי(ע)ט. אוטוו — אָנהייבּן רעגענען מיט
אַ דינעם, דריבּנעם רעגן. עס וועט בּאַלד א,
(פֿון הימל) אַ רעגנדל. טרוו — 1.
אויסשפּריצן. דאָס רעגנדל וועט א, די טרוקענע
פֿעלדער. נעם אַ קאַן און שפּריי אויס די
בּייטן. 2. אויסוויייען דעם שפּריי פֿון תּבֿואה.
א, ווייץ.
אויסשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אויס, בּין &
האָבּ ~געשפּרונגען [אין לד, אוקר ס'רובֿ
ה אָ בּ]. 1. שפּרינגען פֿילמאָליק, איבּער אַ
צאָל ערטער. א, איבּער דער לאָנקע (אויך
אַקוזוו א, די לאָנקע, די צימערן אאַ). 2.
מיטאַמאָל אָנהייבּן שפּרינגען. דאָס בּעקל האָט
אויסגעשפּרונגען. 3. אויסשפּאַלטן זיך,
אָפּשיילן זיך (וועגן עמאַל אַדער אַן אַנדער
בּאַדעקעכץ). די פֿאַן, דער טאָפּ איז (האָט)
אויסגעשפּרונגען און מע זאָל זיי ניט ניצן.
„ער האָט מחמת דעם פֿאַרלאָשן, עס טוט אים
בּאַנג, דער לײַכטער וועט א"', תּיקוני שבּת,

[זשאָלקווע] תּק,,ב [?]. 4. אויפֿעפֿענען זיך (וועגן אַ געשוויר, פּרישטשיקל). די מכּה שפּרינגט אויס. ,,דער בלאָטער האָט אויסגעשפּרונגען און איך וויין מיט אייטער און בלוטיקע טרערן“, ממוס, פּריזיוו. ,,אַ מכּה דאַרף זיך עפֿענען און אַ בלאָטער דאַרף א'“, דלוגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע 1881. 5. פּלוצעם אויפֿקומען, אַרויסקומען. אַ מחלוקת, אַ קריגערײַ שפּרינגען אויס. ,,ויה היום מיט עטלעכע שבּתים צוריק, איז אין שול אויסגעשפּרונגען אַ שטיקל רעוואָלוציע“, קמ, 35 1870, No. *א, קדוש דרײַ מאָל — בײַ קדושה, ווען דער חזן זאָגט די הויכע שמונה־עשׂרה.

אויסשפּרינגען — טרוו. שפּרינג אויס, ~געשפּרונגען. אוקר. מאַכן עס זאָל אויסשפּרינגען; אויסשטעכן, אויפֿשטעכן. א, אַ בלאָטער, אַ פּרישטש.

אויסשפּרינגען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. שפּרינגען אַ לענגערע צײַט, אַרומשפּרינגען און אויפֿהערן. נו, האָסט זיך שוין גענוג אויסגעשפּרונגען?

אויסשפּרינגעניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אויסשפּרינגען.
אויסשפּרינקלען — ־קל אויס, ~
געשפּרינקלט. אוטוו — אָנהייבן שפּריצן מיט דינע,
קליינע טראָפּנדלעך. דער וואָלקן שפּרינקלט
אויס און גייט אַוועק. א, בײַם ריידן. טרוו —
← אויסשפּרענקלען.
אויסשפּרינקלעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראַצעס פֿון אויסשפּרינקלען.
אויסשפּריצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשפּריצן.
אויסשפּריצן — שפּריץ אויס, ~געשפּריצט.
אוטוו — 1. מיטאַמאָל זיך באַווײַזן,
אַראָפּקומען אין פֿאָרעם פֿון טראָפּנס. אַ רעגנדל
שפּריצט אויס. 2. אַרויסרײַסן זיך, זיך
באַווײַזן מיט אימפּעט. דער צאָרן שפּריצט אויס.
טרוו — 1. אויסניצן דעם אָנגרייט פֿון
פֿליסיקייט (אָדער פּולווער, פּראָשעק)
שפּריצנדיק. א אַ פֿלאַש פּאַרפֿום. א, דעם פּראָשעק
'
קעגן וואַנצן. 2. מיט כּוח (אימפּעט)
אַרויסברענגען, אַרויסלאָזן פֿליסיקייט (אָדער אַ
דינעם שיטיקן מאַטעריאַל). דער פֿאָנטאַן שפּריצט
אויס וואַסער. קינדער שפּילן זיך מיט אַ
רעוואָלווער וואָס שפּריצט אויס. 3.

באַוואַסערן, באַגיסן מיט אַ שפּריץ. נעם די
שפּריצקאַן און שפּריץ אויס די בייטן. א, די גאַס.
4. אַרײַנשפּריצן ווי געהעריק. א אַן אויער
,
און אויסרייניקן פֿון וואַקס. ,,פֿיר מאָל אין
טאָג... דען האַלז אויז שפּריצט“, סור, בד.
5. אויסשפּרענקלען. א, אַ צימער און
באַזײַטיקן אַ שלעכטן ריח. א, בײַם דעזינפֿיצירן.
אויסשפּריצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך
(אָן אַ צוועק) ווערן אויסגעשפּריצט. ,,זע,
מאַמע, דער גאַנצער אָדעקאָלאָן האָט זיך
אויסגעשפּריצט ▯,,..
אויסשפּריצעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשפּריצן.
אויסשפּריצער — דער, ־ס. 1. ווער עס
שפּריצט אויס די גאַסן. 2. טאַנק מיט
וואַסער, מיט אַ שפּריצרער, צו באַשפּריצן גאַסן.

אויסשפּרעכן — טרוו. שפּרעך אויס, ~
געשפּראָכן. 1. אַרכ. אויספּסקענען, אַרויסגעבן
אַ פּסק־דין, אורטייל פֿון געריכט. ,,איך וויל...
זעהן אוב מיר יהודים ווערן פּסקן... אונ, וויל

כלל וכלל ניש הלטן וואז מיר יהודים האבּן אויש גישפּראכין", שו,,ת מהרש"ל, לובלין 1599. ,,...האָט מען אים גיבּראכט פֿר דען ראָש ישיבֿה דער דא אויש שפּראכט אלי דיא דינים איבּר אַלע,,, נצ1, כ/ד. ,,ליבּער הער גאָט, איך בּעט דיך אַז דוא זאָלשט מיר מיין משפּט צו גוטין אויש שפּרעכן,,, תּחינות ובֿקשות, דירנפֿורט 1798, מב/א. 2. אַרכ. אַרויסזאָגן, אַרויסרעדן בּכלל. ,,...בּיז דש קינד רעכט לייאנט... און אלש נאָך זיינר גיבּירליך קייט אויז שפּרעכט", לט1, 1/52. דטשמ אין איצטיקן בּאַנוץ: ,,אויסשפּרעכנדיק מײַן אָנערקענונג דעם געערטן פּובּליקום", שע, בּלאָנדזענדע שטערן I. ,,אַלע פּסוקים און מאמרי רז"ל וואָס שפּרעכן אויס זייערע שאַרפֿע שטראָפֿווערטער", לדבּ, 436. ,,ווי מע שפּרעכט אויס זײַן הייליקן נאָמען, ציטערן אַלע מלאָכים", איבּז אמד, בּית אַברהס, ווילנע 18▯5.

3. אַרויסבּרענגען אַ שפּרוך, שפּראָך, אַ מאַגישע פֿאָרמל; אָפּשפּרעכן אַ צאָל עינהרעס. ,,נאָר ווען דער כּישוף־קעסל זידט און צויבּער־קרײַטער קאָכן, און ווען...דער שפּרוך ווערט ריכטיק אויסגעשפּראָכן — דאַן קומען

[די גײַסטער] מיט ווילדער האַסט", יהואָש,
'שאול'ב 4. אַרכ. דורך אַ שפּרוך מבֿטל
מאַכן. "האָט ער איין אייד גישוואָרן...דז
וואָלט ער רעכט אויז שפּרעכן", ספֿר משלים,
פֿפֿדמ, 1686.

אויסשפּרעכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דטשמ.
אַרויסזאָגן זיך, אויסדריקן אַ מיינונג. „אין
נעכסטן בלאַט וועלן מיר איבער דיזן
געגנשטאַנד זיך דײַטלעך א'", קמ, 31 1867, No.

אויסשפּרעכעניש — דאָס (די), ־ן. שפּרוך
מיט אַ מאַגישן כּוח. דער אַלטער דז אַד קען
י

אַ סך א'ן.

אויסשפּרענגען — טרוו. שפּרענג אויס, ~
געשפּרענגט. דטשמ. אויספּלאַצן; אויפֿרײַסן אַ
צאָל זאַכן; צעשפּרייטן אַ סענסאַציע. „מען
האָט אויסגעשפּרענגט אַז דער גריכישער קעניג
האָט קיין חשק ניט מער צוריקצופֿאָרן קיין
אַטען", קמ, 2 .36 1867, No. טוו פֿאַר ,זרק'.
אויסשפּריצן.

אויסשפּרענקלונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויסשפּרענקלען. אַן א,
פֿון בלויע פּינטעלעך אויף דער ווײַסער

וואַנט.
אויסשפּרענקלען — טרוו. ־קל אויט, ~
געשפּרענקלט. 1. אויסשפּריצן מיט אַ ביסל פֿליסיקייט, מיט טראָפּנדלעך. דער גלח שפּרענקלט אויס מיט וואַסער. א, מיט פּאַרפֿום. 2. מאַכן עס זאָל זײַן מיט שפּרענקעלעך, מיט פּינטעלעך, קליינע פֿלעקן. א, פּאַפּיר מיט טינטפֿלעקן. די זון שפּרענקלט אויס דאָס פּנים. 3. (מאַליערײַ) באַדעקן מיט אַנדערש־פֿאַרביקע פּינטעלעך אַ וואַנט, געפֿאָרבן מיט איין קאָליר. „ווילט איר די וואַנט אויסמערמירן אָדער אויסשפּרענקלען?“.
אויסשציִאָכען — דזוו אויסשטשאָכען ←.

אויסשרײַבן

אויסשקאָדען — טרוו. ־דע אויס, ~
געשקאָדעט. סל. פּר. ברענגען שאָדן, היזק. א, אַ געשעפֿט.
אויסשקאָנטירן — טרוו. ־יר אויס, ~(גע)־
שקאָנטירט. פֿטמ. דיסקאָנטירן. א, די פּאָר וועקסעלעך.
אויסשקראָבעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. דאָס לעצטע ביסל טייג וואָס מע שקראָבעט

אויס פֿון מולטער; ברייטל, בולקע, געמאַכט
פֿון טייג וואָס מע שקראָבעט אויס; קאָרזש. אַ
האַרט א'. 2. יעדער זאַך, געמאַכט פֿון אַ
רעשטל, פֿון לעצטן ביסל מאַטעריאַל (און איז
דערפֿאַר ניט געגנוג גוט). 3. דאָס יינגסטע
קינד, איר. „עס איז שלאַף און קליין, אַן א,“.
אויסשקראָבען — טרוו. ־בע אויס, ~
געשקראָבעט. דזוו אויססקראָבען ←. א, מיט
אַ מעסער פֿון דער מולטער דאָס לעצטע ביסל
טייג. א אַן עפּל און עסן דאָס שקראָבעכץ.

אויך: ~שקראַבען, וואָ (אַ אויך ביי די
ווערטער וואָס שטאַמען פֿון דעם ווערב).
אויסשקראָבעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס, טואונג פֿון אויסשקראָבען.
אויסשקרן — [...שע'קערן] טרוו. שקר אויס,
~געשקרט פֿאַרדרייען פֿעלשן עפּעס
ווער.
טיקס; פֿאַרלייקענען פֿאַרשוועכן ווערטן. „דער
מענטש...זאָל כאָטש דאָס וואָרט פֿאַרלירן...זיין
וואָרט וואָס שקרט אויס געשליפֿן־גלאַט“, סעג,
איצטער.
אויסשקרנען — [...שאַקרענען] טרוו. שקרן

אויס, ~געשקרנט. אויסליגנערן, אויסכּזבֿנען.
א אַזעלכע ווילדע מעשׂיות.

,

אויסשראָטן — שראָט אויס, ~געשראָט, ~געשראָטן. אויך: ~שרויטן. אויסמאָלן מעל גרעבלעך, ניט גענוג דין. א, אַ זאַק תּבֿואה. אויסגעריבענע מילשטיינער שראָטן אויס דאָס מעל.

אויסשרויפֿן — טרוו. שרויף אויס, ~ געשרויפֿט. 1. אַרויסדרייען אַ שרויף, שרויפֿן. צענעמען עפּעס וואָס איז צונויפֿגעשרויפֿט. א, דעם צודעק. „עס האָבן אירע פֿינגער שנעל און דין געמײַסטרעוועט בײַ די פּעדאַלן. זי האָט זיי אויסגעשרויפֿט“, מאָל, פֿריידקע. *א, אַ פּוס = צעברעכן עמעצן אַ פּוס, מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע. 2. צופֿעסטיקן מיט שרויפֿן. א, דעם צודעק מיט עטלעכע שרויפֿן.

אויסשרומפּן — טרוו. שרומפּ אויס, ~ געשרומפּט. מאַכן עס זאָל ווערן אײַנגעשרומפּט, אײַנגעצויגן. „וואַש ניט דאָס וואָלענע קליידל אין הייס וואַסער, וועסט עס א, און ניט קענען אַנטאָן מער“, רייד.

אויסשרונטן — טרוו. שרונט אויס, ~
געשרונט. לר (זאַמעט). מאַכן עס זאָל האָבן
אַ שרונט. א, האָר אין מיטן, אין אַ זײַט.
אויסשרײַ — דער, ־ען. אַקט פֿון אויסשרײַען.
אויסגעשריי. אַן א, אין דער נאַכט. „מיר הערן
אײַער א, און מיר פֿילן אים“, בּריוו.
אויסשרײַאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויסשרײַען. „אין דער
גרעסטער היץ פֿון עמאָציאָנעלער א'...“, יג, תּוך.
אויסשרייבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אויסשרײַבן. אַ פּינקטלעכע א'.
אויסשרייבן — טרוו. שרײַב אויס, ~

געאויסשרײַבן

שריבּן. 1. שרײַבּן בּיזן סוף; שרײַבּן מיט
אַ צאָל (אַלע) פּרטים. א אַ התחײַבֿות, אַ וועקסל,
,
אַ גט. „איר זאָלט למען השם א אַלצדינג
,
וואָס הערט זיך בּײַ אײַך,,, שע. “איך ליש
[דעם גט] אין פֿולנט אויז שרייבּן און, חתמן,,,

שו"ת מהר"י מינץ, קראָקע 1617. „די תּורה וואָס איך האָב געלערנט... ווען אַלע מענטשן זאָלן זײַן שרײַבער, וואָלטן זיי דאָס ניט געקענט א'", נצ2, לח/בּ. [אין נצ1: דערשרײַבן]. „אויף אַ קליין רעדעלע פּאַפּיר...האָט ער געהאַט אויסגעשריבן גאַנץ ,ויהי בּימי אחשורוש,", וויַט I, ,דער אָרעמער יונג.. צרות ניט אויסצודערציילן, ניט אויסצושרײַבן.

*א, זיך די אויגן = שרײַבן זייער אַ סך, בּיזן קאַליע מאַכן די אויגן. „דו שרייבּשט, האשט אזו לנג קיין בּריבֿ פֿון מיר גיהט. וואז קאַן איך דר פֿיר? איך שרייבּ מיר מיין אוגין אויז אונ, ערשט קומן זיא ניט אַן", פּראָגבּ 44.

2. אויסרעכענען אין שריפֿט; אַרײַנשטעלן אין אַ רשימה; אויפֿשרײַבן אויף אַ צאָל (צעטעלעך). א, די פּרײַזן. א, חשבּונות. "ווען איך זאָל גאַנץ הלכות שבּת אויסשרײַבּן, איז צו פֿיל צו שרײַבּן", לט2, 1/51. „אונדזערע נעמען קענען מיר איַך איצט ניט א'", ממוס, טאקטע.

3. אַרויסנעמען פֿון אַ רשימה; אַרויסנעמען פֿון אַן אַנשטאַלט, אינסטיטוציע וואו מען איז פֿארשריבּן. א אַ יתום פֿון יתומים

אַנ,

-

שטאַלט און אים נעמען צו זיך. „דאָקטער, שרײַבט מיר [= מיך] אויס פֿון שפּיטאָל“, פּרץ, 'זינדיק בלוט'. „מיר וואַרטן ביז מע וועט קומען און מע וועט אונדז א, [פֿון עליס אײַלאַנד]“, שע, מאָטל.

*א, זיך פֿון אַ חבֿרה. „עפּעס אַ מין חבֿרה, וואָס הײַנט קען מען זיך פֿאַרשרײַבן אין איר און מאָרגן א, זיך“, שנ. “דאָס איינציקע וואָס מיר איז געבליבן צו טאָן איז געווען זיך אויסצושרײַבן פֿון ביידע פּען־קלובן“, צײַט, טמז, 1953 II 13. „עס פֿרייט מיך וואָס איר קענט זיך שוין א, [פֿון שפּיטאָל]“, הל, טאָג, 24 ▯ III 1957.

4. אַרויסשרײַבן, אַרויסנעמען געוויסע שטעלן און זיי אָנשרײַבן. א, אַלע מעטאַפֿאָרן פֿון דעם ליד. “צענדלינגער פֿרײַוויליקע שרײַבן אויס ציטאַטן פֿאַרן ווערטערבוך“. „זאַל ער די קארצי תּפֿילה זאָגן אַז דא שטיט אים (אורח חיים) עש זאַל זיכש איין איטליכר אויז שרייבן“, לט 1, 2/26.

5. באַשטעלן דורך אַ בריוו. א, סחורה פֿון
אַ קאַטאַלאָג. ,,בקיצור, ס'איז געבליבן מע זאָל
א, אַן אַקציע,,, שע, קליינע מענטש [לעך.
,,האָבן מיר גענומען א, אַלע השׂכּלה־ספֿרים" יק.
6. אַבאָנירן. א אַ בלאַט־צײַטונג. ,,...,קען שיין זינגען און שרײַבט אויס אַ בלאַט", שע, 'די עצה'. ,,צוליב זיי שרײַבט ער אויס דעם 'המליץ, און אַבאָנירט הי דעם 'הצפֿירה,, און ער לעזט זיי אַליין אויך", אר, 'דער אַלטער משׂכּיל'.
7. שרײַבן אַ סך און מיט דעם אויסבעסערן. אַ גוטע פען, אָבער מע דאַרף זי א'.
*א, די האָנט = קריגן אַ גוטע האַנטשריפֿט.
,,דער חתן האָט אַ נאָלדן הענטל... ער וועט

זיך מיט דער צײַט א, די האַנט", שע, טטעמפּעניו.
8. אַרכ. איבערזעצן, מעתּיק זײַן. ,,רו"ט זאלין אַכטן אלי קיומים אויז צו שרייבן, דז

מן הוט איין העתק בכּתבֿ עבֿרי בלשון אַשכּנז", תּקק. „דאַר ווייל דער עולם גערין וואַש נייאיש האָט זוא האבּ איך דיזוש מעשׂה אדזים [= אויס דעם] לשון הקודש אויף טײַטש אויז גישריבּן", גה, 279. „און דיא דא שרייבּן פּירושים אויף די תּורה... אודר אַך דר דיא ספֿרים אויז שרייבּט [לט2: "די וואָס זענען מעתּיק די תּורה אויף אַן אַנדער לשון"] אויף איין אנדר לשון דש מן עש וואול פֿר שטין זאַל„, לט1, 1/104.

9. באַשטימען דורך אַ שריפֿטלעכער פֿאַראָרדענונג. (פֿרגל בּ2). א אַ מאָביליזאַציע. א,

,

אין מיטן דערינען אַ נײַע חגא. „דער איינציקער אויסוועג איז אויסצושרײַבּן נײַע וואַלן", פֿלינקער, טמז, 7 1961 III.

אויסשרײַבּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. שרײַבּן בּיז מע ווערט אַ מומחה (אין דער טעכניק אָדער אין דער קונסט פֿון שרײַבּן). „ � � ין אָנ� ייִבּ האָט ער געשטאַמלט, אָבּער מיט דער צײַט האָט ער זיך אויסגעשריבּן". 2. שרײַבּן בּיז ניט קענען מער, זיך אויסשעפּן ווי אַ שרײַבּער. "ער האָט זיך אויסגעשריבּן און

ער האָט שוין מער ניט וואָס צו געבן", יג,
טמז, 5 1954 II.   .
אויסשרייבעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדוי־־
ערדיקער) פּראָצעס פֿון אויסשרײַבן.
אויסשרייבער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
--
ווער עס שרײַבט אויס. אַן א, פֿון אַלע
ליטעראַרישע זשורנאַלן. "בײַ דער אַרבעט פֿאַרן
ווערטערבוך האָבן מיר א'ס פֿון ציטאַטן און
אויסטײַטשערס פֿון ווערטער".
אויסשרײַבערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט,
טואונג פֿון אויסשרײַבער.
אויסשרײַען — טרוו. שרײַ אויס, ~געשריגן
(פּד), ~געשריִען (לד). 1. מיטאַמאָל,
פּלוצעם, אַרויסברענגען אַן אויסרוף הויך אויף
אַ קול. א, הוראַ, הידד, גוואַלד אע. א, פֿ אַ ר
פֿרייד פֿאַר התפּעלות אאַ; א, מ י ט שׂמחה,
,
ווייטיק, יאוש אאַ. "ער קוקט זיך אײַן אין
אונדזערע פּנימער און שרײַט אויס מיט אַ שׂמחה",
ממו ס, 'בישיבֿה של מעלה'. ,,אַלע דרײַ ווײַבער
האָבן אויסגעשריגן אין איין קול", שע..שרײַ
— ווערסט זיך א, אַ קול = דײַן שרײַען וועט

ניט העלפֿן (וועסט בלויז קריגן אַ גוטן קול צו שרײַען).

2. אויסדריקן עפּעס מיט דורך) אַ געשריי. א, די פֿרייד, די צושטימונג, דעם ווייטיק, די התפּעלות. „שרײַ ניט אויס 'האָפּ, — ווען דו וועסט פֿאַלן אויפֿן קאָפּ„, שוו. „שרײַען אלי אויש איר צרות, דאש ווייל די וועלט שטיהט איז קיין זוא פֿיל יללה גיהערט װארדן„,

מע ה אומן. „איך מוז פֿאַר גאָר דער וועלט

א, מײַן שולד אין סאַמע אין־דער־פֿ נצטער„, הל, ,דער שטומער'.

3. לאָזן וויסן, אויסדערציילן הויך אויף אַ קול. א, אַלע סודות. א, די סחורה. א, די לאָזונגען פֿון דער וואַל־קאַמפּאַניע. „כלעבן, ס'איז מיר נאָך געבליבן אַ גרויסער חידוש

אויסשרײַעריש

-

וואָס דו שטעלסט זיך ניט אַנידער אויף דער

גאַס פֿאַר איטלעכן א אַלץ וואָס דו ווייסט “,

,

עט, סערקעלע.

4. אויסרופֿן ווי אַ העראָלד, מעלדן הויך אויפֿן קול אין אַן אָפֿיציעלער שליחות. „[מע טאָר ניט גיין אין שטאָט אָדער צום שלאָס זונטיק און אין אַ חגא] והפ״ה [= פּרנס החודש] יצוה צו לאזין אויז שרײַען דען ערבֿ דער פֿיר ברחובֿ דז מן ניט זאַל גין„„ תּקק. „...האָט ער לאזין אויש שרײַען: ווער עש בּגערט עושר און, בּגערט אורך ימים...„„ נצ1, בּראשית, כבֿ/א. „דער (כּהן משיח בּמלחמה) הוט אזו אויז גישריאן אַז דר איין עבֿירה גיטאן האָט דער זאַל ווידר איין היים ציהן“, לט1, 1/8.

5. אויסמוסרן הויך אויף אַ קול. „דער פֿאָטער האָט אויסגעפּאַטשט, די מוטער — אויסגעקניפּט פֿעטערס און מומעס — אויס,

געשריִען און די מלמדים אויסגעשמיסן דעם חתן־בּחור“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

6. מיט ז י ך. (חזניש) מאַכן זיך הייזעריק.

"שרײַ ניט אַזוי הויך, דו וועסט זיך א, דײַן קול,, (פֿרגל בּ1).

אויסשרײַען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. שרײַען און אויפֿהערן; זיך בּאַרואיקן דורך שרײַען. ,,אַ ייִד, אויבֿ ער שרײַט זיך אַ בּיסל אויס מיט אַ פּזמון... דאַכט זיך אים, ער האָט שוין אַלצדינג אָפּגעטאָן", ממוס, פֿישקע. "דער טאַטע שרײַט אַ בּיסל, וועט ער זיך א'", פּרץ, זכרונות. ,,ערשט נאָכדעם ווי אַלע האָבּן זיך גוט אויסגעשריִען...,,, שע, קליינע מענטשע. לעך.

אויסשרײַעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויסשרײַען. אויסגעשריי וואָס חזרט זיך איבּער.

אויסשרײַער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

-

1. ווער עס שרײַט אויס; פּראָפֿעסיאָנעלער אויסרופֿער פֿאַר אַ צירק, טעאַטער, קראָם אע. העראָלד. דער א, מיט אַ פּויק. טרומפּייטן און א'ס לאָזן וויסן... "הערט ער אַ געשריי דאָס מען שרײַט אויס... און בּאַגעגנט יוסט דעם א'", פֿאַוויר, ספּורי הפֿלאות, וואַרשע 1844. ,,די בּליצן, פֿון גאָטס גרויסקייט די א', זיי זאָגן זייער שירה שטאַרק מיט פֿײַער", ממוס, שירה.

„...אַ שולקלאַפּער, אַ מעקלער, אַן א, אין יאַטקע אויף וואָלוועלע פֿלייש“, ליאָנדאָר, בש, 1887. 2. ספּעצ. חבֿר פֿון בר־מצווה־ייִנגל וואָס העלפֿט האַלטן אָרדענונג בײַ דער ברמצווה־דרשה. „אײַנטייל אין דער דרשה האָבן געדאַרפֿט נעמען דרײַ ייִנגלעך מיטאַמאָל. איינער אַ קלאַפּער, אַן א', דער צווייטער — דער פֿרעגער, און דער דריטער דער בעל־דרשן אַליין... דער קלאַפּער, דער א, האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ גראָב טעוועלע... מיט דער צווייטער האַנט אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיטן טעוועלע און אויסגעשריגן: 'שתיקה יפֿה בשעת הדרשה'“, הרבֿ לוי גליקמאַן (פֿון אַקערמאַן), זכרונות בית לוי, קעשענעוו, תּרצ“ד.

אויסשרײַערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג פֿון אויסשרײַער.

אויסשרײַעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ (פֿון) אַן אויסשרײַער. א'ע גוזמאות.

אויסשרעטעווען

אויסשרעטעווען — טרוו. ־עווע אויס, ~ געשרעטעוועט. אויך: ~שריטעווען. ל. דזוו אויסשראָטן ←.

אויסשרעקן — טרוו. שרעק אויס, ~
געשראָקן. 1. דערשרעקן, איבערשרעקן אַ צאָל
אָדער אינגאַנצן. א, אַלע קינדער מיט מכשפים
און גײַסטער. 2. דורך שרעקן, טעראָר,
עפּעס אַרויסקריגן. א, געלט. „...און, די ג,
פּאָר שונן... האבין פון זיך זעלברט גטאָן
און, פאַר מיינט איין ממון רבֿ פון יהודים
אויז צו שרעקין„ [פּראָג 1684].
אויסשרעקן זיך — אוטוו. → דפוו. 1.
דערשרעקן זיך, איבערשרעקן זיך. 2. אויפהערן
זיך שרעקן. "מע שרעקט זיך פאַר דער
שיסערײַ, ביז מע שרעקט זיך אויס".
אויסשתדל(נ)ען — [...שטאַ'דלע(נע)ן] טרוו.
שתדל(ן) אויס, ~געשתדל(נ)ט. אויספּועלן;
דערגרייכן, אויפטאָן עפּעס דורך שתדלגות,
פּראָטעקציע, אינטערווענץ פון עמעצן וואָס
האָט אַ ווירקונג. א, אַ דערלויבעניש
אַרויסצופאָרן. א, מע זאָל אָפּשאַפן די גזירה.
„קרעמיע איז געווען פאַראינטערעסירט צו
א, בײַם צאַר...„ דוכאָווני„ טמז, 11 XI 1958.
אויסשתדל(נ)ען זיך — אוטוו. → דפוו.
זיך משתדל זײַן, זיך מיִען, אינטערווענירן
לטובֿת עמעצן בײַ עמעצן וואָס האָט מאַכט.
זיך א, און ניט קענען פועלן. זיך א, און

לסוף דערגרייכן.

אויסשתיה(נע)ן — [...שטי̇'יע(נע)ן] טרוו.
שתּיה אויס, ~געשתּיהט. (גראָבּלעך)
אויסטרינקען אַ סך, אויסשיכּורן. א אַ פֿלאַש
,
בּראַנפֿן.

אויסשׂכלען — [...סייכלען] טרוו שׂכל אויס,
▯
~געשׂכלט. אויסטראַכטן מיט קלוגשאַפֿט, שׂכל. אויסגעפֿינען קלוגן אויסוועג. א, דעם ריכטיקסטן ענטפֿער. „אַלמאַכטיקער! ווי קלוג דו האָסט דײַן וועלטל אויסגעשׂכלט„, הר, פֿאַדנאַכט.

אויסשׂכלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך בּאַטראַכטן, קומען צום שׂכל. „היץ זיך ניט, קאָך זיך ניט, צײַט זיך א'“.

אויסשׂרפֿע(נע)ן — [...סאַ'רפֿענען] טרוו. שׂרפֿע (שׂרפֿן) אויס, ~געשׂרפֿעט (אויך: ~שׂרפֿנט). גרינטלעך, אינגאַנצן אויסבּרענען. א, סימנים פֿון שוואַכקייט און אונטערטעניקייט. „איך קען אויך דעם... וועלט־אידעאַל ניט א', פֿאָלק מײַן, אין גלוטן פֿון ראַכע“, אַל, 'נאָכן פּאָגראָם'.

אויסתּהינהן — [...טכינען] טרוו. תּחינה אויס,

~געתּחינהט. אויסבעטן מיט טרערן, מיט אַ
סך טענות און רייד. „ער האָט אַ האַרץ פֿון
שטיין, אַפֿילו א, בײַ אים די קלענסטע טובֿה
קען מען אויך ניט“.
אויסתּירוצן — [...טע'רעצן] טרוו. תּירוץ
אויס, ~געתּירוצט. אויסטראַכטן עפּעס אַ
תּירוץ (ניט קיין געראָטענעם). א, אַ ליגן
וואָס מע קען אים אַנטאַפּן.
אויסתכליתן — [...טאַ'כלעסן] טרוו. תּכלית
אויס, ~געתּכליתט. אַרויסקריגן עפּעס אַ
רעזולטאַט, אויפֿטאָן עפּעס אַ פּעולה. אָפֿט איר.
"וואָס מײַן זון האָט דאָ שוין אויסגעתּכליתט
פֿון זײַן לערנען„, רייד.

אויסתכלעווען — [...טאַ'כלעווען] טרוו.
תּכלעווע אויס, ~געתּכלעוועט. אויסבּרענגען,
פֿאַרתּכלעווען, צעטרענצלען. א אַ פֿאַרמעגן, א,
,

די כּוחות און דאָס געזונט.

אויסתלינען — [...טאַ'ליענען] טרוו. תּליו אויס, ~געתּלינט. 1. אויספֿירן אַ צאָל טויטשטראָפֿן; אויסהענקערן. א, אומשולדיקע צוזאַמען מיט שולדיקע. 2. אויסהרגענען, אויסמאָרדן. א, פֿרויען און קינדער.

אויסתּענוגן — [...טײַ'געגן] טרוו. תּענוג אויס, ~געתּענוגט. נעאַל. יג. אַרויסקריגן תּענוג, הנאה, פֿאַרגעניגן.

א□יע'זד — דער, ־ן. > רוס. אַן אַדמיניסטראַטיווער טייל פֿון אַ גובֿערניע מיט אַן אייגענער, אויעזדנער הויפּטשטאָט. „דערווײַל זע דו דעם מלמד אַוועקצושיקן אין אַן אַנדער א, אַרײַן„, יפּ. „נאָך די געשלעגן פֿלעגט מען לויפֿן צום רבֿ, פֿון רבֿ צום אוריאַדניק, פֿון אוריאַדניק אין אויעזד [= הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון א']“, מוק, באַגעגענישן.

א□יעזד'נע — אַדי. > רוס. וואָס איז שייך צום אויעזד; וואָס איז אָ טייל פֿון אויעזד; וואָס איז אויסגעהאַלטן פֿון גאָנצן אויעזד. „...צו אונטערשטיצן אָרעמע ייִדישע שילעי וואָס לערנען גוט אין א, אוטשילישטשע“, קמ, 1863' No 13. א, ס ו ד = געריכט פֿאַרן גאַנצן אויעזד. „...האָט ער אין אַ חודש אַרום געקריגן אַ שטעלע אַלס סעקרעטאַר אין

אַן א, סוד אין מאָסקווער גובערניע“, קמ,
39 1865, No. א, דאָקטער אָדער 'וראַטש, =
דער אָפּיציעלער דאָקטער איבערן גאַנצן
אויעזד.

אויער — די, ־ן. דזוו או(ה)ר ←. אַרכ. „גיא
אין דיא ווערטש הייזר צו מורגנש אום צעהן
א', דען איז דיא צײַט דש מן עסט„, מהמ,
אַמשט, 1722, ד/ב.

אויער — דער (דאָס), ־ן. פּקפֿ אויערל.:Mhd
.r, oer

1. הער־אָרגאַן בײַ מענטשן און
בעליחיים; נעמט אַרום דעם דרויסנדיקן, דעם
מיטעלן און דעם אינעווייניקסטן טייל פֿון אָרגאַן.
אַלע טיילן פֿון הער־אָרגאַן צוזאַמען (מיטן
אויערמושל, אויערלעפל, אויערגאַנג,
אויערחלל, פּויקהײַטל, געהערביינדלעך, אַלץ ביזן
הער־נערוו). הערן מיט איין (ביידע) אויער(ן).
טויב אויף איין (ביידע) אויער(ן). „די
א'ן מוזן הערן וואָס דאָס מויל רעדט“; „
איבער דעם האָט גאָט געגעבן דעם מענטשן צוויי
א'ן און איין מויל, ער זאָל מער הערן און
ווייניקער רעדן“; “איין אויג האָט מער גלויבן
(נאמנות) ווי צוויי א'ן“, שוו [= קוים
דערזען איז מער פֿאַרלאָזלעך ווי גוט דערהערט].

„די א'ן האָרכן די וואונדער־שיינע קאַפּעליע
פֿון שפּילפֿייגעלעך“, ממוס, ווינטשפֿ. „איין
שלאַנג אַז ער ווערט אַלט, ווערט ער טויב
אויף איין א'; ווען מען וויל אים פֿאַרשפּרעכן,
דאָ לייגט ער דעם גוטן א, צו דער ערד, ער זאָל
ניט הערן דעם לחש, ווי עס שטייט 'כמו פֿתן
חרש יאטם אָזנו, (תּהליס, נח, 5)„, שי, לג/א.

2. דרויסנדיקער טייל פֿון הער־אָרגאַן, געוויינטלעך דער אויערמושל מיטן אויערלעפּל, אויך מיטן אויער־חלל. שיינע, קליינע, גרויסע, מיאוסע, אַראָפּהענגנדיקע,

אַרויסשטאַרצנאויער

דיקע אאַ א'ן. א'ן ווי זעק, ווי בײַ אַן אייזל, אַ העלפֿאַנט, ווי בײַ אַ הונט, בײַ אַ חזיר. א'ן ווי בײַ (פֿון) אַ האָז. פֿאַרשטעלן, פֿאַרדעקן, פֿאַרשטאָפּן די א'ן. *אויפֿהענגען פֿירהענגלעך איבער די א'ן = ניט וועלן הערן. *זײַנע א'ן זאָלן מיט גאָלד פֿאַרהאַנגען זײַן = ער מעג זײַן רײַך (מע ווינטשט אים ניט קיין שלעכטס), אָבער מע וויל ניט אַז דאָס וואָס מע זאָגט וועגן אים זאָל דערגיין צו אים. ציִען פֿאַרן א,. אַ שנעל אין א'. אַ פּאַטש (כליוסק) אין א'.

אַ טרייַבל אין א'. „ליג [= ליי□] ףין אור...
אויף ר, חיים זיין מויל, אוב דוא קענשט
הערין וואַש ער זאגיט“, גה, □ 2).

3. אויערלעפל. בריליאַנטן (פערל) איו די
א'ן. דורכגעשטאָכענע א'ן. אַן אויריגנל אין
לינקן א'. „מײַן רײַכע קאַלטע מומע מיט די
בריליאַנטן אין די א'ן„, פרץ, זכרונות.

4. אינעווייניקסטער (און מיטעלער) טייל
פֿון הער־אָרגאַן. א'־אָנצינדונג. א,־אָפּעראַציע.
וואַרעם ווי אין א'.

5. עצם אַקט פֿון הערן. ביידע א'ן הערו,
האָרכן פֿאַרנעמען אע. זײַן שווער אויפֿן א';
,
זײַן שאַרף אויף די א'ן. אויסשטעלן,
אויפֿשטעלן, אָנשטעלן די א'ן; אויסשפּיצן,
אויפֿשפּיצן, אָנשפּיצן די א'ן. פֿאַרטומלען,
פֿאַרקלאַפּן, פֿאַרדולן, פֿאַרהילכן, פֿאַרקלינגען די
א'ן פֿאַר(ג)לושען די א'ן. „ווער עס זינדיקט
.
מיט די א'ן, דערהערט לסוף זײַן שאַנד אין די
טויערן„, שוו. אַרײַננעמען אין די א'ן,
אַרײַנדרינגען אין די א'ן.

6. אויסדרוק פֿון שטימונג און
איבערלעבונג דורכן הערן. עס גלעט (לאַשטשעט) דאָס

א'. עס באַליידיקט (ראַזשעט) דאָס א'. עס גרילצט, רײַסט, שפּאַלט, לעכערט (אין) די א'ן. ניט האָבן קיין א, עפּעס אויסצוהערן. עס מאַכט אַ לאָך אין א.. עס טומלט (רוישט, קנאַלט, שאַלט אע) אין די א'ן. „זיך צעלאַכט מיט אַזאַ משונה געלעכטער אַז עס האָט געגרילצט אין די א'ן", ממוס, קליאַטשע. „ווי פֿרעמד און נאַריש די ווערטער 'אייגענע היים, האָבן געקלונגען אין די א'ן", ספּ, יודישער קאָלאָניסט. "חושך־פֿינצטער ווערט אים אין די אויגן און אין די א'ן רוישט ווי אין אַ מיל", ממוט, מסעות.

7. דאָס געהערטע; שטח פֿון הערן. וואָס דער א, דערכאַפּט. עס דערגרייכט דעם א'. הינטער די א'ן, אונטער די א'ן. „ווײַטער פֿון א, איז ניט קיין טרויער", שוו [= אַז מע האָט ניט געהערט וועגן אַן אומגליק, האָט מען ניט קיין צער]. עס איז צו די א'ן ניט געקומען. „צו די א'ן ניט געקומען און פֿרייד ניט פֿאַרנומען" [בײַם אַנטשולדיקן זיך, למאַי מע האָט פֿריִער שוין ניט אָפּגעגעבן מזל־טובֿ]. „מע קען אים הערן מיט איין א, אָדער גאָרניט הערן מיט ביידע", פֿוול [וועגן עמעצן וואָס רעדט הויך, אָבער רעדט פּוסטע רייד]. „איין

אויג קען מער זען ווי צוויי א'ן קענען הערן“,
שוו [= מע קען זען אויף אַ ווײַטערן שטח
ווי מע קען הערן. דער היפּך פֿון דעם: „מע
קען זען נאָר וואָס עס איז פֿאַר די אויגן, אָבֿער
מע הערט אויך וואָס איז אַ מײַל פֿון די א'ן„,
שוו].

8. כּוח צו הערן, מדרגה פֿון חוש־השמיעה,

אויער

פּינקטלעכקייט פֿון הערו. גוטע, פֿאַרשפּיצטע,
צוגעשפּיצטע, שאַרפֿע, שטאַרקע א'ן. שלעכטע,
פֿאַרשטאָפּטע, שוואַכע, שלאַפֿע א'ן פֿלינק,

.

גרינג, שווער, טעמפּ אויפֿן א.. (שפּאַסיק)
קאַסאָקע א'ן = הערן ניט גוט. *האָבֿן וואַקס
אין די א'ן = שוואַך הערן. „די א'ן הערן
ניט וואָס דאָס מויל רעדט“, שוו. „ווענט האָבֿן
א'ן (גאַסן האָבֿן אויגן), ▯, שוו [= מע דאַרף
זײַן אָפּגעהיטן מיטן ריידן וועגן עמעצן אָדער
בײַם דערציילן אַ סוד. פֿרגל ,אָזנים לכּותל',
ויקרא רבֿה, לבֿ/▯]. פּאַראָדיעס: דער בוידעם
(דער לאַדיש) האָט א'ן. „פֿון דײַן מויל אין
גאָטס א'ן“ — ווען מע ווינטשט עמעצן גוטס

און יענער ענטפֿערט אין זינען: הלוואַי זאָל עס מקוים ווערן.

9. מוזיקאַליש געהער. מוזיקאַלישער א'. גוטער, ריכטיקער, קאָרעקטער, דעליקאַטער א., האָבן אַן א, פֿאַר נגינה, מוזיק. האָבן אַ קאַמערטאָן אין א'. *האָבן טויבע א'ן = ניט קענען אויפֿכאַפּן אַ ניגון. „וואָס העלפֿט דאָס פֿידעלע אַז עס פֿעלט אַן א'?„ — וועגן אַ שלעכטן מוזיקאַנט. אַ פֿידלער אָן אַן א, — וועגן אַ מאַן אָן כּוח־גבֿרא.

1O. אינטערעס, באַגער, פֿאַרלאַנג, אַרויסגערופֿן דורך דעם געהערטן. האָבּI אַן א,

פֿאַר עפּעס. עפֿענען (אויפֿעפֿענען, אויפֿשטעלן, אויסשטעלן) די א'ן (אויך: מויל און א'ן, נאָז און א'ן). צולייגן, געבן, שענקען אַן א'. עס גייט (ניט) אין די א'ן אַרײַן. „דעם (דאָס) א, מעג מען איטלעכן געבן“, שוו [צו יעדער מיינונג דאַרף מען זיך צוהערן]. „די א'ן וואַקסן ניט איבערן שטערן„„ שוו [א) מע נעמט אויף וואָס מע הערט נאָר אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל מע פֿאַרשטייט; בּ) וואָס מע ט אַכט

אַליין איז וויכטיקער ווי דאָס וואָס מע הערט].

,,מוסר קריכט ניט אין א, אַרײַן,,, שוו. ,,אַ חניפֿהלע גליטשט זיך אין א, אַרײַן", שוו. ,,אַ רבּיצין האָט אַ לאַנגע האַנט און אַ קורץ א'", שוו [האָט ליב צו קריגן אַ מתּנה, נעמט חורש, אָבער האָט ניט קיין אינטערעס, קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די טענות פֿון די צדדים].
*אין איין (רעכטן) א אַרײַן פֿון (—וי.כּן)
אַנ, ,
דערן (לינקן) א, אַרויס = וועגן עמעצן וואָס פֿאַרגעסט, הערט זיך ניט צו געננוג אויפֿמערקזאַם, האָט ניט קיין אינטערעס.

11. עמעצער וואָס הערט אונטער (און גיט איבּער). ,,לאָמיר בּעסער ניט ריידן פֿון אים, ער האָט דאָ צווישן אונדז אַן א'", רייד. ,,שיק דײַנע א'ן אין די גאַסן,,, שוו [א) הער זיך צו וואָס מענטשן ריידן וועגן דיר; בּ) האָב מענטשן וואָס זאָלן דיר איבּערגעבּן יואָס מע רעדט וועגן דיר]. *זוכן א'ן = עמעצן וואָס זאָל אויסהערן, זיך צוהערן.

12. לעכל פֿון נאָדל, וואו מע ציט דורך, צילעט אַרײַן דעם פֿאָדעם. אַ נאָדל מיט אַ צו קליין א'ל. דער לאַנגער א, פֿון פּאַקנאָדל.

3 [. לאָך פֿון האַמער אָדער האַק, וואו עס קומט אַרײַן דער שטיל, דאָס הענטל, די

האַנטאַבע. דאָס הענטל איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון א'.
אַ טויבער האַמער = אַ שטיק אײַזן וואַס מע
קלאַפּט מיט דעם, אָבער האָט ניט קיין הענטל.

14. טייל פֿון אַ כּלי וואָס שטאַרצט אַרויס
און איז געמאַכט אויף אָנצדנעמען, צו האַלטן

אין האַנט. די א'ן פֿון אַ קרוג, אַ טאָפּ, אַ קענדל
אאַזוו. „דער קרוג טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער
(גייט אַזוי לאַנג נאָך וואַסער), ביז ער בלײַבט
אָן א'ן“, שוו. „ער נעמט די קופּערנע קוואָרט
מיט די צוויי א'ן צום וואַשן אין דער האַנט
אַרײַן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. *טויבער
לאַדיש — ווײַל אַ לאַדיש האָט געווײנטלעך
ניט קיין א'ן.

15. יעדער מין קרוק, האָקן, פֿאַרבויגענער
מכשיר אויף אַרויסצונעמען (אייפֿצוכאַפּן)
עפּעס. נעמען אַ שטעקן מיט אַן א, און
אַרויסציִען די טעפּ פֿון אויוון. „שלעפּט אַ ייִדענע אַ
גרויסן מעשענעם לײַכטער מיט שטריקעלעך,
צוגעבונדן צום אײַזערנעם א'“, ווײַס, 'אַ
שׂריפֿה„.

16. קײַלעכדיקער צוגאָכ איבּער אַ גלאָק
אויף אויפֿצוהענגען אים. דער מעשענער א,
האָט זיך אָפּגעריסן פֿון שטר□ק.

17. צוגענייט בענדל, רימענדל פֿון אַ שוך,
אַ שטיוול אויף אַרו□פֿצוציִען אויפֿן פֿוס. אַן
א'ל רײַסט זיך אָפּ פֿון קאַמאַש. „אַפֿילו אַ
טעמפּער שטיוול האָט א'ן. נאָר דו, שייגעץ
איינער, האָסט ניט קיין א'ן!“ — בײַם
אויסמוסרן, למא. טע הערט זיך ניט צו, מע
פֿאָלגט ניט. (שפּאַסיק) „אָזנים לכּותל —
שטיוול האָבּן אויך א'ן“.

18 פֿאַרבּייג פֿון אַ זײַטל אין אַ בּוך אָדער
.
העפֿט. העפֿטן דאַרפֿן ניט קיין א'ן. קאַליע
מאַכן אַ בּור מיט פֿאַרקנייטשן א'ן.

19. טייל פֿון היטל (פֿון שטאָף, פּעלצוואַרג)
אויף אַראָפּצוציִען איבּער די אויערן. אַ מיץ
מיט פּעלצענע א'ן. „לאָז אַראָפּ די א'ן, עס
איז אַ פֿראָסט„„ רייד.

2O. הענטל, גאַלקע פֿון אַ שטעקן וואָס
זעט אַ ביסל אייס ווי אַן אויער. „ער האָט
געטראָגן... שטיוולעטן און געהאַט אַ שטעקן
מיט אַ זילבּערן א'“, באַש פֿאָר, 19 1960 III.
,

21. אַפּאַראַט וואָס מע לייגט צו צום א,
צו הערן די תּיכּפֿדיקע איבערזעצונג פֿון אַ
פֿרעמדער שפּראַך אויף דער שפּראַך וואָס מע
פֿאַרשטייט. „יעדער זשורנאַליסט וואָס
פֿאַרשטייט נישט קיין העברעאיש וועט באַזאָרגט
ווערן מיט אַ פּאָר א'ן און ער וועט קאָנען הערן
דעם גאַנג פֿון פּראָצעס אין ענגליש, פֿראַנ□.
יזיש און דײַטש... מיט דער הילף פֿון
עלעקטראָנישע א'לעך“, פֿלינקער, טמז, 5 1961, □I.
אויך יעדער מין אַפּאַראַט וואָס מע לייגט צו
צום א, פֿריִער האָט מען געדאַרפֿט א'ן,
סלו. „
כאַווקעס, צו הערן ראַדיאָ„..
22. (לאָקל, פּיאָסק, לובלינער קרײַז) זייער
אַ שלעכטער מענטש. „אַ כּלבֿ שבּכּלבֿים, אַן
אויסוואָרף, אוי, איז דאָס אַן א'!“ [ייִפּיל I].
> אַ הונט מיט א'ן.

-

אויפֿן אויער =דירעקט אין אויע־ אַ□.ײַן.
זאָגן אויפֿן א, = אין דער שטיל, זאָגן אַ
סוד. „'שטילער, דו...„ ענטפֿערט ווי אויפֿן
א, די דינסט“, נט. *אויער אויף אויער =

ווען קײנער, חוץ די צווײ וואָס רעדן. איז ניטאָ דערבײַ. ,,וואָרעם בּיני וּבינך, ליבּער לעזער!

צווישן פֿיר אויגן און א, או ף א'‘‘, פּרץ.

אונטער די אויערן = גאָר נאָענט לעבֿן דעם מענטשן, אונטער דער נאָז. עס איז דער טומל אונטער זײַנע א'ן און ער הערט ניט.

אויער

-

*עס ליגט ניט אונטערן א, = ס'איז גיט לעבֿן אים. וועגן אַ שלימזל: ,,זײַן מזל ליגט אונטערן א, — און ער פֿאַרשליסט דעם טויער,,. (קומט אָפֿט אַנשטאָט הינטער ספּעציעל אין ריידענישן וואָס האָבֿן ניט קיין ה) ,,דער שד קומט צו אים. אין איין האַנט אַ גרויס בּוך, אין דער אַנדערער אַ בּלײַשטיפֿט, אונטערן א, אַ גרויסע פֿעדער, , ייִל, פּוילישע ייִנגל. ← הינטער די אויערן.

איבּער די אויערן = אינגאַנצן, דעם גאַנצן קערפּער, בּיז איבּערן קאָפּ. איבּער די א'ן אין וואַסער. פּאַראַלעל דערצו: אין חובֿות, אין צרות איבּער די א'ן. דערפֿון: *די א'ן

זײַנען ניט זײַנע = פֿאַרטרונקען אין חובֿות, פֿאַרשולדיקט ביז איבערן קאָפּ. *אַרײַנפֿאַלן איבער די א'ן = מיאוס, שלעכט, אינגאַנצן אַרײַנפֿאַלן. *זײַן פֿאַרטאָן איבער די א'ן = פֿאַרשלונגען זײַן, שטאַרק פֿאַרנומען זײַן מיט עפּעס. פֿאַרליבט איבער די א'ן.

אין אויער = דזוו אויפֿן אויער ←. אַ וואָרט אין א'. כּסדר אַזוי בײַם פֿאַרטײַטשן 'באָזני', = אין די א'ן: „...געענטפֿערט אַבֿרהמען אין די א'ן פֿון די קינדער פֿון חת„.. "...ריידן אַ וואָרט אין די א'ן פֿון מײַן האַר„, תּי, בראשית, כג, 10; מד, 18.

ביז די אויערן = דזוו איבער די אויערן←. אָפּט צונויפֿגעבונדן: ב י ז א י ב ע ר די א'ן. אַרײַן ביז איבער די א'ן אין אַ (שלעכט) געשעפֿט. זײַן אין דער אַרבעט ביז (איבער) די א'ן. ווערן רויט ביז (איבער) די א'ן ▯= רויט איבערן גאַנצן פּנים. ביז די א'ן אין וואַסער, אין חובֿות.

הינטער די אויערן = א) ווען מע הערט ניט, הינטערן רוקן. לר. „רעדט ניט הינטער די א'ן! זאָגט גלײַך אין פּנים אַרײַן!", רייד; ב) הינטער דעם אויערמושל. שמוציק הינטער די א'ן. רויט, נאַס הינטער די א'ן. האַלטן

אַ בלײַער, אַ פען, הינטער אַן א,. ← אונטער די אויערן.

פֿון אויער צו אויער = איבערן גאַנצן פּנים. "צעגיסט זיך אים אַן אידיאָטישער שמייכל איבערן פּנים פֿון א, צו א'", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. פֿון מויל צו א, = א) זאָגן דירעקט; ב) איבערגעבן איינער דעם אַנדערן ווי אַ סוד, אַ נײַס, פֿאַרשפּרייטן אַ ידיעה בעל־פּה.

אַוועקלייגן הינטערן (אונטערן) אויער =זיך מיִען צו געדענקען, האָבן אין זינען.

אויסדרייען אַן אויער — אויך: א) אויסמוסרן; ב) באַשווינדלען.

אויסדרילעווען אַן אויער — א) דורכלעכערן דאָס אויערלעפּל; ב) אויסרייניקן וואַקס פֿון אויער; ג) פֿאַרמאַטערן מיט איבעריקע רייד.

אויסליידיקן דעם אויער = (אוקר) געבן כסדר די זעלביקע עצה. ,,ער האָט אים אויסגעליידיקט דעם א, וואָס ער זאָל טאָן און ווי ער זאָל טאָן,,.

אויסלינקען דעם (לינקן) אויער = (שפּאָטיש, שפּאַסיק)האָלובען זיך, קושן און האַלדזן.

אויסמאַכן אַן אויער = א) אויסרייניקן;
ב) אינגאַנצן באַשווינדלען, צונעמען אַלץ

אויער

[אַפּילו וואָס איז געווען ביי עמעצן טיף אין אויער]. „ער האָט אים אויסגעמאַכט דעם א, מיט די ממתּקים“, מ. דלוגאַטש. „זיי האָבן ר, שׂמחהן גוט אַן א, אויסגעמאַכט„, ממוס, פּריזיוו.

אויסשטעלן די אויערן, מויל און א'ן, נאָז און א'ן = (ווען) הערן פֿאַרוואונדערט, פֿאַרחידושט; זיין זייער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט.

אויסשפּיצן די אויערן = זיך אָנשטרענגען צו הערן. אויך: אָנשפּיצן, אָנשטעלן די א'ן.

אויפֿשטעלן די אויערן = דזוו אויסשפּיצן און אויסשטעלן. אויפֿשטעלן די א'ן ווי אַ האָז. וו אַ האָז מיט אויפֿגעשטעלטע א'ן.
י

„...געשלונגען איטלעכס וואָרט, אויפֿשטעלנדיק די אויערלעך“, ממוס.

אויפֿשפּילן אין אויער — אויך: שלאָגן,

קלאַפּן אין א'(ן), מע זאָל ווערן צעטומלט.

אָנדרייען אַן אויער, די א'ן — א) דרייען, קנײַפּן, רײַסן דעם אויערמושל, דאָס אויערלעפּל; בּ) נעמען אַ טײַערן פּרײַז, אָפּנאַרן מיטן פּרײַז; ג) רײַסן די אויערן מיט שלעכטער מוזיק; אָנלערנען עמעצן.

אָנזשוזשען, אָנטומלען, אָנרעדן אע פֿולע אויערן — פֿאַרמאַטערן מיט איבעריקע רייד.

-

אָנצ◌ען ביידע אויערן = דזוו אָפּציִען אַן אויער, די א'ן. ייִל, וועלט־לוח..., אַדעס, תּרל"ה: (ווען אַ בּחור ווערט אַ חתן) „קומט אָנציִען ביידע א'ן" [אַ סגולה אַז מע זאָל מיט רכילות ניט קאַליע מאַכן דעם שידוך].

אָפּטראָגן אין די אויערן = איבערדערציילן וואָס מע האָט גערעדט וועגן עמעצן הינטערן רוקן. אָפּטראָגן רכילותן אין די א'ן.

אָפּציִען אַן (פֿאַרן) אויער — אַ סגולה

-

אַז עמעצנס רייד אָדער אַן עין־הרע זאָל(ן) ניט שאַטן, ספּעצ אַ מת זאָל ניט קומען צו חלום. „לייבקע, קום אַהער, איך וועל דיר אָפּציִען פֿאַרן אויערל, מ'האָט גערעדט פֿון אַ שוכן עפֿר", יד, הנאהבים והנעימים.

אָפּשנײַדן די אויערן — ווי אַ שטראָף פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿאַרברעכנס (פֿאַר מסירה, פֿאַר גניבֿה פֿאַר אומטרײַשאַפֿט). „דאש קעמל-
,
האָט וואָלין הערנער אויש ביטן, האָט מן אים דיא אָרן אָפּ גשניטן“, עיון, 2/21. [< סנהדרין, קו/א].

אָפּשפּרינגען פֿון די אויערן = ניט דערגיין צום הערער, ווײַל ער וויל ניט. „דיזע נאַכריכט האָט אָבער אָפּגעשפּרונגען פֿון זײַנע אױ'ן... דען ער האָט עס ניט געוואָלט גלייבן“, אמד, די שקלאַווערײַ, 1868.

אָפּענע אויערן = וואָס זײַנען גרייט צו הערן אַן עצה, אַן אָנווײַז; ווען מען איז פֿאַראינטערעסירט. האָבן אָפֿענע אױ'ן פֿאַר עמעצן, פֿאַר עפּעס.

אַרויסשלעפּן פֿאַר די אויערן = אויך: העלפֿן עמעצן אַרויסקריכן פֿון אַ שלעכטער סיטואַציע.

אַרײַנגיין אין די אויערן = אַרײַנדרינגען אין באַוואוסטזײַן; זיך לייגן אויפֿן שׂכל. „איטלעבער האָט... פּותר חלום געווען, און עס איז אים אָבער גאָרניט אַרײַנגעגאַנגען אין די אױ'ן„, נחבֿ, ,מעשׂה נסים'.

אַרײַנלאָזן אַ גריל (אַ וואָרעם, אַ מוק)
אין אויער:= זאָגן, דערציילן עפּעס וואָס זאָל
דעם צווייטן מאַט□רן, פּײַניקן, ניט לאָזן צו רו.
אַרײַנצולייגן אין אויער = איר, האַלטן
טײַער, וואַרעם, ווײַל עס איז אַ זעלטענע זאַך.
אַ ליגנער אין א אַרײַנצולייגן = אַן

.   ,
אויסטערלישער, אַ ליגנער אַ פֿאַנטאַסט.
אַ קבּצן אין א אַרײַנצולייגן = אַ זעלטענער,

.   ,
אַן אויסערגעוויינטלעכער קבּצן. „נו, וואָס איז
ער אַזוי? אַן אָרעמאַן אין א, אַרײַנצולייגן!„„
ייִפּאָל, 29 1887, No.
בּלאָזן אין די אויערן — פּלאַפּלען,
אָנדולן אַ קאָפּ, האַקן אַ טשײַניק (בּײַם אַשכּנזישן
ישובֿ אין א״י).
געבּויערטע אויערן = וואָס הערן
שאַרף, וואָס האָבּן אַ גוט געהער.
גרילצן אין די אויערן = הערן עפּעס
וואָס איז שווער צו פֿאַרטראָגן, ווײַל דער
אינהאַלט אָדער די קלאַנגען זײַנען מיאוס. די

רייד (מוזיק) גרילצט אין די א'ן. די גראָבּע רייד גרילצן אין די א'ן.

האַלטן פֿאַר די אויערן = צוהאַלטן בײַ אַ בּרעג, שלעפּן צו זיך. „ער האָט דאָס גליק שוין כּמה מאָל פֿאַר די א'ן געהאַלטן און ער האָט דאָס אײַנגעלאָזן“, אמד, בּן פּדק, ווילנע 18□5.

אַ הונט מיט אויערן = (נאָר וועגן מענטשן) אַן אמתער, אַ גרויסער 'הונט', אַ פּאַסקודניק, אַ בּיטערער יונג, אַ רשע [אַ וואָלפֿהונט און אויך נאָך הינט פֿון אַנדערע מינים וואָס האָבּן שפּיציקע אויערן קענען בּאַוועגן די אויערמושלען בּײַם אָנגעשטרענגטן אײַנהערן זיך צו ווײַטע קלאַנגען]. אויך: הינטישער א'.

וואו איז דײַן אויער? וואו האָסטו דײַן (דאָס לינקע) אויער? = ווערטל אָפּצולאַכן פֿון עמעצן וואָס גיט ניט קיין גלײַכן ענטפֿער, נאָר קומט אַרויס מיט אַ שפּיצל, אַ המצאהלע (גלײַך צו עמעצן וואָס נעמט אָן דעם לינקן אויער, איבּערלייגנדיק די רעכטע האַנט איבּערן קאָפּ). [אויפֿן סמך פֿון אַ ווערטל אין מיִי: „פּאָלאַק, וואו איז דײַן אויער?“, טענדלאַו 134, אַן אופֿן בּײַ דײַטשישע ייִדן

אָפּצולאַכן פֿון די פּוילישע, וואָס ווײַזן כלומרשט
אויף דעם לינקן א, מיט דער רעכטער האַנט
איבּערן קאָפּ. אין אַנדערע רר אויסדרוק פֿאַר
אומדירעקטקייט, אומגעלומפּערטקייט וואָס
בּינדט זיך מיט טעמפּקייט: „ווי ווײַזט אַ פּויער
דעם לינקן א'? מיט דער רעכטער האַנט
איבּערן קאָפּ"].

וואויל צו די אויערן וואָס הערן אַזוינס
(אַזעלכע רייד, אַזאַ בּשׂורה אע) = היפּך פֿון:
וויי צו די א'ן...

וואָס אַן אויער קען (נאָר) הערן = אַלע
מינים קלאַנגען אין דער וועלט; בּכלל אַלץ
אין דער וועלט וואָס מע קען נאָר דערציילן
וועגן דעם.

וואַרעם ווי אין אַן אויער = פֿפֿ אויפֿן
סמך פֿון דעם וואָס אין א, שפּירט מען ניט
קיין קעלט.

וויי צו די אויערן וואָס הערן אַזוינס
(אַזעלכע רייד, אַזאַ ידיעה אע). < אוי (להן)
לאָזנים שכּך שומעות, בּײַם הערן עפּעס וואָס

אויער

פֿאַרשאַפֿט צער, ווייטיק. די א'ן טוען וויי

הערנדיק = דז און איך וועגן קלאַנגען וואָס
רײַסן, גרילצן אע.

זען ווי זײַנע אויערן = ניט קענען זען עפּעס, קיינמאָל מער ניט זען, בּאַגעגענען. „די בּראָשקע איז פֿאַרפֿאַלן, דו וועסט זי זען ווי דײַנע א'ן“, רייד.

הזיר(י)ש(ער) אויער = זידלוואָרט, דזוו חזיר [אופֿן פֿון רייצן זיך מיט ייִדן, ספּעצ ייִדישע קינדער: „די פּאַסטעכער האָבּן אַפֿילו אָנגערייצט די הינט אויף אונדז און פֿון די בּרעגן פֿון זייערע לאַנגע העמדער האָבּן זיי געמאַכט אַ הזירשן א, און געשריִען: 'זשיד כאַלאַמיד, סווינ אַטשאָ אוכאָ,“, קאַצאָוויטש].

י

ליגן אין אויער = האַלטן אין איין צורעדן, ניט אָפּטרעטן פֿון עמעצן מיט די זעלבּיקע רייד. „,איזט מיר ר, יודא אליש אין אורין גילעגין, איך זולטי מאכין דאז בּעלי זצ“ל מיט אים חבֿרותי מאכטי“, גה, 108. *ס'ליגס מיר הינטערן (אונטערן) א, = איך גדענק

ע זיי הינטערן (אונטערן) אויער = א)
ל
ס ר גוט, איך האָבּ עס אין זינען.
יִי

דזוו אַוועקלייגן הינטערן א'; בּ) מאַכן אַן
אָנשטעל אַז מען עסט, מע טרינקט (און
אינדער־אמתן אויסגיסן דעם כּוס); ג) עסן זייער
אַ סך פֿרעסן, אָדער טרינקען זייער אַ סך,

,

זויפֿן. אַזוי ווי: לייגן אונטער זיך, ניט לייגן
אין זיך. "דו וועסט דײַן חלק שוין בּאַקומען
דו וועסט שוין ניט לייגן הינטער די א'ן,,, רייד.
*לייגן מויל אויף א, = זאָגן אַ סוד, זיך סודען
לעכ די אויערן = אויך אָנריידן אַזוי
זיך
שוש ע. אין מסדר אגרת, תּקפּ"ה.

פֿיל אַז עס פֿאַרנודעט, דער קאָפּ הייבּט אָן
וויי טאָן. רעדן צו הויך.
מאַזאָליען די אויערן = ריידן צו פֿיל,
נודיען, האַקן אַ טשײַניק.
מאַכן אַ וואַסער אין אויער = אָנדורען
אַ קאָפּ, לעכערן די אויערן. ,,אפֿשר וועסטו
אײַננעמען (אַ) שטומעניש? שרײַט און מאַכט
מיר אַ וואַסער אין א'. זאָלן שוין דײַנע
שׂונאים רעדן!,,, בּאַש פֿאָר, 27 1960 II. *מאַכן

,

(נאַ)גניאָטקעס אין די א'ן = דז.

מויל און אויערן אויפֿצושטעלן = ס'איז אַ וואונדערלעכע מעשׂה, חידושים (נסים ונפֿלאות. „ער דערציילט — מויל און א'ן אויפֿצושטעלן“, פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן.

,

נאַס הינטער (אונטער) די אויערן = נאָך יונג, אומדערפֿאַרן, גאָר אַ צוציק. „ער מישט זיך אויך אַרײַן! אַ מענטש! ס'איז אים דאָך נאָך נאַס הינטער די א'ן“, רייד.

ניט (אָנ)זען ווי די (אייגענע) אויערן, ווי דעם לינקן אויער = דזוו זען ווי זײַנע (די א'ן. „נו, ווי דו זעסט ניט דײַנע א'ן, אַזוי ווערסטו מיך שוין ניט זען„, קמ, 1868 11, No.

*ניט געטרויען (גלייבן, זיך פֿאַרלאָזן אויף) די אייגענע אויערן = מורא האָבן, טאָמער גענאַרן די חושים; האַלטן אַז עפּעס אַ ידיעה אָדער וואָס מע הערט בכלל איז ממש אוממעגלעך. *ניט לייגן הינטערן (אונטערן) אויער = פֿרעסן, זויפֿן.

עס נעצט אַן (פֿון) אויער = עס רינט אַ ביסל מאַטעריע פֿון אויער. „...לײַדט אַלע זײַנע יאָרן אויף טראַכאָמע. דערצו נעצט אים

אויער

כסדר אַן א,“, שטיינוואַקס, טמז, 29 1960.

פּולען אַן אויער = אָנדורען אַ קאָפּ, האַקן אַ טשײַניק. לר. אויך: (אָנ)שטויבּן אַן א'.

פּוצן אַן אויער = אונטערלעקן עמעצן, חנפֿענען. וועלן געפֿינען חן אין די אויגן. פּר. ער פּוצט אים אַן א,, ווײַל ער וויל פֿון אים אַ טובֿהלע.

פֿאַלן אויף טויבּע אויערן = ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

פֿאַרליבּט איבּער די אויערן = זײַן פֿאַר בלענדט פֿון פֿאַרליבּטקייט. “דאָס מיידל איז אין דיר פֿאַרליבּט איבּער די א'ן,,, לאַט, דאָס יִדישע קינד פֿאַרליבּט? — איבּער די

—,, . .

א'ן!“, פּרץ.

פֿאַרשרײַבּן הינטער די אויערן = איר וועגן ניט געדענקען, ניט וועלן באַצאָלן. ,,רעד צו אים אָדער רעד צו דער וואַנט — ער.

פֿאַרשרײַבט עס הינטער די א'ן“.

פֿולע אויערן — אָנזשוזשען, אָנטומלען, אָנרעדן אאַזוו פֿולע א'ן פֿרגל מיטן פֿאַר.

קערטן: 'ולא תמלא אזן משמע, קהלת, א, 8.

-

פירן פֿאַר די אויערן □ א) אָפּנאַרן, פֿאַרנאַרן; בּ) האָבּן די פֿולע דעה איבּער אַ מענ□טשן.

אַ צוויק אין אויער = ניט בּלויז אַ ריס, אָ צופּ, נאָר אויך אַ קלאַפּ.

צולייגן אַן אויער = א) אין דירעקטן בּאַטײַט: “אַזוי האָבּ איך צוגעלייגט מײַן א, צו דער טיר, הער איך...“, שי, כבּ/א; בּ) אַרויס□ווײַזן אויפֿמערקשאַפֿט פֿאַראינטערעסירונג.

,

צומאַכן די אויערן = ניט וועלן הערן.

(צו)נייגן אַן אויער = > תּנך, אַ סך מאָל 'הטה אָזנך'. א) דזוו צולייגן אַן א,; בּ) אַרײַנזאַפּן אין זיך וואָס מע הערט און זיך רעכענען מיט דעם. אָפֿט אין סליחות און □תּחינות — בּײַ ווענדונגען צום רבּונו־של־עולם. אויך בּײַ ווענדונגען צו מאַכטהאָבּערס. פּפֿ:

(צו)בייגן אַן אויער. „דער גרויסער האַר משה מאָנטעפֿיאָרע וועט זײַנע א'ן צובייגן צו ענקער געבעט‟, אביגדור־ברכיה רוף, גדולת ה״ר, משה מאָנטעפֿיאָרע, וואַרשע 1865.

צושטעלן אַן אויער = צוקומען און אונטערהערן.

זיך אַ צי טאָן בײַם (פֿאַרן) אויער = א) וועלן זיך דערמאָנען; ב) אַזוי ווי זיך גופֿא אויסרעדן, למאַי מע האָט פֿאַרגעסן; ג) ווי אַ סגולה אַז מע זאָל ניט הערן שלעכטס, אָדער אַז אַ פֿאַרשטאָרבענער זאָל ניט קומען צו חלום מיט אַ שלעכטער בשׂורה. [„פֿאַראַן אַ מנהג אַז ווען איינער ניסט, בשעת מע רעדט פֿון אַ טויטן, ציט ער זיך בײַם א, און זאָגט: 'לישועתך קויתי ה', לפֿורקנך סברית, ה, '. און טייל לייגן נאָך צו: 'ווי לאַנג זיי צו שוועבן, אַזוי לאַנג מיר צו לעבן'„, יע, מענשליכער קערפּער.] ציִען פֿאַר די א'ן = שלעפּן עמעצן קעגן ווילן.

קומען צו די אויערן = דערגיין, דערגרייכן (וועגן אַ ידיעה, אַ נײַס, אַ קלאַנג). אויך: קומען צום א'. ‟אלזו צעקה גאנגין בעלי זצ„ל העט כמה אַלפֿים פֿאַר דינט...און, זאָלכיש בוודאי ר, יודא צו אורין קומין‟, גה,

.117

קלינגען אין די אויערן = אויך:

פֿאַר391

בלײַבן אין זכרון (וועגן רייד וואָס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק). עס קלינגען מיר נאָך אין די א'ן זײַנע ווערטער. פֿרגל: 'דבֿר אֲשר כּל שומעו תּצלינה שתּי אָזניו', שמואל א, ג, 11. [גלײַבעניש: ווען מע רעדט וועגן עמעצן, קלינגט יענעם אין די א'ן: אין רעכטן א', אויב מע רעדט גוטס; אין לינקן א', אויב מע רעדט שלעכטס.]

קראַצן זיך הינטער (אונטער) די אויערן (דעם אויער) = אויך: זײַן אין אַ פֿאַרלעגנהייט, ניט קענען זיך אַנטשליסן. „וואָס קראַצסטו זיך הינטערן א, אין דער פּאַטילניצע? זאָג: יאָ צי ניין?„, רייד.

רויט הינטער (אונטער) די אויערן = אויך: פֿריש, מיט כּוחות, מיט כּוח־גבֿרא (געוויינטלעך וועגן אַן עלטערן מענטשן). „ער איז נאָך רויט הינטער די א'ן און וועט נאָך נעמען אַ דריט ווײַב“. רויט איבער די א'ן — ווען ס'גאַנצע פּנים ווערט רויט פֿאַר חרפּה.

רײַסן די אויערן = אויך: זײַן
אומדערטרעגלעך (וועגן קלאַנגען, מוזיק, רייד). ,,דער
קול האָט געריסן די א'ן‘‘, יד, הערשעלע.
אויך: צערײַסן די א'ן — אמד. אויך: שפּאַלטן
די א'ן.

רעדן צו טויבע אויערן = צו מענטשן
וואָס קענען (ווילן) ניט פֿאַרשטיין, באַנעמען.

שטיל ווי אין אַן אויער = גאָר שטיל,
אָן קלאַנגען. [יע, מענשליכער קערפּער, 73,
האַלט אַז לכתּחילה איז דאָס ווערטל געווען:
שטיל ווי אַן א', ווײַל דאָס איז אַ גליד
וואָס קען זיך ניט באַוועגן, דערנאָך איז עס
געוואָרן: ווי א י ן אַן א..]

שטעלן (זיך) אויף אַן (דעם) אויער =
(אַקטיאָריש) שאַרזשירן, איבערשפּילן כּדי
אַרויסצורופֿן געלעכטער, אויפֿמערקזאַמקייט
צום אַקטיאָר.

אויעראָקס — דער, ־ן. Mhd:ו▯r־ochse.
1. פֿאַרשוואונדענער מין פֿון ווילדן אָקס.

2. אייראָפּעאישער ביזאָן וואָס איז געווען אין

פּאָלעסיע און ליטע (איצט כמעט ניט בנמצא), ענלעך אויפֿן אַמעריקאַנער בופֿלאָקס. Bos .urus, bOnasus

אויערבּאַך — 1 < . □ :Auerbach. גנ. נאָמען פֿון אַ צאָל גרעסערע און קלענערע שטעטלעך אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך. 2. פֿאַרשפּרייטער פֿאַמיליע־נאָמען אין מיטל־און מזרחאייראָפּע (אין רוס אויך: אַווערבּאַך, אַווערבּוך, אין פּויל אָרבּאַך, אורבּאַך), בּאַקאַנט זינט דעם 15. יה; אין 16־17. יה אַ צאָל בּאַרימטע רבּנים מיטן נאָמען א'. דײַטש־ייִדישער שרײַבּער און פּובּליציסט בּערטאָלד א, (1812□1882). דיכטער אפֿרים א,.

אויערגאַנג — דער. מצ נבּ. געהערגאַנג, אויער־קאַנאַל וואָס פֿירט פֿון אויער־חלל צו דעם מיטעלן אויער. צוויי דריטל פֿון א, איז אין דעם שלייפֿביין.

אויערהאָן

אויער־געדרייט — אַדי. וואָס איז צונויפֿגעדרייט ווי אַן אויער. מאַכן פֿון פּאַפּיר

אַן א־ג, טוטל = מאַכן אַ טוטל (זעקל) אין פֿאָרעם פֿון אַ קאָנוס. „אין די לאַנגע, שטומע גאַסן... לויפֿן קרום... א־ג'ע מיסט־פּאַפּירן“, קוו, טריט.

אויער־געהענג — דאָס, ־ען (מצ ווי אצ). יעדער מין צירונג וואָס מע הענגט אָן אויפֿן אויער; געוויינטלעך — גרויסער אוירינג. „...דש מיר...עם הפּאָשט איין פּאָר אָהר געהענג פֿאַר לערך ר, ר״ט... שיקן מעגי“, אגרת שלמה, ז/א. „...טײַערע ווי שטערן א־ג“, מלה, אַ מעשׂה!

אויער־דעקל — דאָס, ־עך. 1. טייל פֿון היטל אַראָפּצולאָזן און צו פֿאַרדעקן די אויערן. 2. ספּעציעל צודעקל פֿאַרן אויער (ביידע א־ד'עך זײַנען פֿאַרבונדן מיט אַ שנירל אָדער מיט אַ שמאָל בייגיק בלעכל איבערן קאָפּ), געניצט אין פּראָסטיקע וועטערן.

אויערהאָן — דער, ־הענער. Mhd ׳ ׳ ו׳ r—han.

1. גרעסטער מין פֿון אייראָפּעאישע וואַלדהינער; דער ער איז שוואַרץ, די זי — גרוי מיט שוואַרצע פּינטעלעך. דערנערט

זיך מיט גרינס און

מיט נאָדלען פֿון ביימער. ‏[‎etrao u]‎ga11us‏]., ‏
,,ותּרנגולא ותּרנגולתּא שני מינין הן...
ושניהם המינין אסורין שאין קורקבן נקלף,
ונראה לי שהן אותן שחורות שקורין אור''־
הנש בלשון אַשכּנז'', ספֿר ראָב''ן שחיבּר
רבּינו אליעזר בּר נתן, פּראָג, ש''ע [1610],
סימן רסז, נא/בּ. [דער מחבּר האָט געלעבּט
אין ערשטער העלפֿט 12. יה]. ,,הדוכיפֿת
והעטלף [ויקרא, יא, 19]. נגר טורא ועטלפֿא...
בּלשון אַשכּנז אויאר האָן'', אליהו בּחור, ספֿר
המתּורגמן, איזנה, ש''א [1541], פּז/בּ. ,,א, אין
סאָסנע־וואַלד וויינט מיט קלאַנגען דין'', עק.
2. (לויט אַן אַנדער אויסטײַטש) פֿויגל פֿון אַן
ענלעכן מין, מיט אַ געקאַרבּטן פֿאַרבּיקן קאַם.
‏[‎ePoPs a]‎Pu‏]ו. 3. בּכל־אופֿן שטענדיק
טײַטשוואָרט פֿאַר 'דוכיפֿת', וואָס ווערט דערמאָנט
צווישן די פֿויגלען וואָס מע טאָר ניט עסן.
אַזוי אין קרעמאָנער חומש, אין stבּ, אין בּאר
משה און כּסדר בּיז צו תּי. 4.
וואונדערפֿויגל פֿון יידישן פֿאָלקלאָר (בּנוגע
פֿאַרבּיקייט צונויפֿגעמישט אַפֿילו מיט דער פּאַווע).
,,דאָ ענטוורט אים אשמדאי... ער אין [דעם
שמיר] נימנט גיטרויט, נייארט דעם אויאר

הון, דעם גלויבט ער אויף זיין אייד, אונד זונשט קיינם מאַן‟, ווילמערסדערפֿער כּי, מלכים־בּוך, [וואכשטיין־בּוך, ייִוואָ]. „מע געפֿינט אים (דעם שמיר) בּײַ דעם שׂר של ים, ער האָט געגעבן צו בּאַהאַלטן בּײַם א', און ער האָט דעם שמיר פֿאַרבּאָרגן‟, צור, הפֿטרת תּרומה. „זיא מיינטן ער ווער איין אויער האָן, דען גאַר שין וואַר זיין גישטאל[ט]„, קוא בּוך, כה/א. „געווען אין וואַלר אַן א, — אַ גילדענער רעגנבּויגן‟, הר פֿאַרנאַכט. „אויף אַ

,

פֿעדער פֿון דעם א, בּין איך געקומען אַהער, און איך בּין דאָ. און דער מלך שלמה פֿון

אויערהיטל

זײַן געצירטן טראָן האָט מיר געזאָגט: בּרוך הבּא‟, מאָל, אין ירושלים קומען מלאבים. אויערהיטל — דאָס, ־עד (־ען). היטל מיט אַ קליאַפּע וואָס מע קען אַריבּערציִען איבּער די אויערן; היטל מיט אויער־דעקלעך. „...איז בּאַלד אַוועקגעפֿאָרן אין פּעטערבּורג אין די זעלבּיקע קליידער, ווי ער איז געווען

אָנגעטאָן, אין אַ היטל וואָס מע האָט דאָס גערופֿן א'", בית רבי, ספֿר תּולדות הרבֿ, ווילנע 1904.
,,אונדזערע א'ען (ראָגאָווקע)...גענומען פֿון דעם אַלטן רוסישן טראַכט (קליידונג),,, אמד, די איידעלע ראַכע, ווילנע 1875. ,,די ראָגאָווקע אָדער א, — פֿון פֿאָרנט האָט זי אויסגעזען ווי אַ שטרײַמל, פֿון הינטן האָט זי געהאַט אָגאָנקעס און צוויי קלאַפּעס אָדער אויערן. די וואָלינער רופֿן דאָס חצי־שבֿתל...[אין אַ שפּאַס] — מתושלחס היטעלע. אין אַזוי אַ היטל פֿלעגן צו גיין בעלי־בתּים גבֿוהים, סוחרים, פּאָדריאַדטשיקעס אד,,גל. זי וואַר אַ סויבּלנע, זי פֿלעגט קאָסטן גאָר די געלט", אמד, ר, שמעיה, ווילנע 1887.

אויערוואַקס — דער. מצ נבּ געל־בּרוינער קלעפּיקער שטאָף, אויסגעאַרבּעט פֿון דריזן אין פֿאָדערשטן טייל פֿון געהערגאַנג: סיאָרקע. גיין צום דאָקטער אויסרייניקן דעם א,. אויך: אויערשוועבל. ,,אין הויט פֿון געהער־דורכגאַנג געפֿינען זיך קליינע גילן וואָס טיילן אַרויס פֿון זיך אויערנשוועבל אָדער אויערנוואַקס,,, ט. בּערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927.

אויערוואָרעם — דער, ־ווערעם. 1. אינזעקט

וואָס האָט (
כלומרשט) די טבֿע צו
קריכן אין אויער.
][□r□cu1a au]□ □
cularia.אײ־,, .2
נער וואָס דולט
יענעם [אַ קאָפּ] לאָזט
אים נישט רוען, ווײל אויספּועלן נאָר ס'
זײניקע,,, יע, מענשליכער קערפּער, 78.
אויערווײטיק — דער, ־ן. אויך: ־טאָג.
יעדער מין ווײטיק אין, אַרום אַן אויער. ,,און
דו זאָלסט אונדז בּאַהיטן און בּאַשירעמען פֿון
אַלע בּײזע קראַנקײט, עס זײ (ח״ו)
קאָפּווײטאָג אָדער א', אָדער בריסטווײטאָג, אָדער
האַרצווײטאָג, פֿאַר אַלע מיני קדחת, רחמנא
יצילנו, און פֿאַר צאָנווײטאָג״, תּחינות
ובּקשות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון דירנפֿורט,
1798]. אויערז־ווײטיק = ווײטיק אין
בּײדע אויערן. ,,...אַך האָט אײנר צו צײטן
אהרין וויא טאָג אונ, טוט אים זומן אונ,
בּרומן אין די אהרין דש ער ניט שלאפֿין
קאַן...״, סור.
אויערזובּער — דער, ־ס (־בּרעס). דזוו
אויעראָקס ←.

אויער־זכּרון — דער. מצ נבֿ. דזוו הערזכּרון. „מוז זיך דער טעאַטער־קריטיקער פֿאַרלאָזן אויף דעם כּוח פֿון זײַן אויג־ און אויערזכּרון“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.

אויער־הלל — דער. מצ נבֿ. 1. חלל בײַם אַרײַנגאַנג אין אויער. 2. חלל נאָך דעם פּויקהײַטל.

392

אויערטעטרע — די, ־ס. דזוו אויערהאָן, בּ[illegible] [illegible]..

אויערל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון אויער. ספּעצ בּ1 1, בּ14, בּ17, בּ18. „דאָס א, פֿו[illegible] נאָדל איז פֿאַרלייגט“, רייד. „אַ פּאָר שיכלעך מיט געשטעפּטע א'עך אויף די פֿיס„, קמ, 1864, No 33.

אויערלאַרך — די, ־ן. קליין פֿייגעלע פֿון דער גרופּע לאַרכן, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע פֿעדערן פֿון בײדע זײַטן קעפּל. Alauc[a crls־ tata.

אויער־לעכל — דאָס, ־עך. דזוו אויער־חלל.

„דאָס פּויקהײַטל פֿאַרדעקט דאָס א־ל„„ יאַכ.
אויערלעפּל — דאָס, ־עך (אויך: ־ען).
1. אונטערשטער, ווייכער, אַראָפּהענגענדיקער טייל פֿון אויערמושל. טײַטשוואָרט פֿאַר 'תּנוּך אזן, (שמות, כט, 20): תּי, „אַרויפֿטאָן אויפֿן א‟. „זוא באלד איינר קאָפּף שמערצין האָט אונ, ניט נאד לאָזט, זוא איז גוט זיך בּלוט איגל אויף בּיידן אהרין לעפּליך זעצו צו לאזין‟, סור. „...האָט אַ כאַפּ געטאָן צווישן די ליפּן זײַן א'עלע און לײַכט אַ בּיס געטאָן„, אָפּאַ, טענצערין. 2. אויער־דעקל ←.
אויערלעפֿל — דער, ־ען. ס'רובֿ אין פּקפֿ: ־לעפֿעלע. 1. מכשיר (געווײנטלעך פֿון בּיין) אויף אויסצוריײניקן דעם אויער (פֿון וואַקס). „מיט דעם חבֿר וואָס בּאַרימט זיך מיט זײַן נאָדלטעשל און זײַן צינערן א'עלע‟, ממוס, ווינטשפֿ. 2. דער טייל בּרילן וואָס איז איבּער אַן אויער. בּרילן מיט שוואַרצע פֿאַרדרייטע א'ען. 3. גרויסער הילצערנער לעפֿל מיט אַן אויער אויפֿצוהענגען אויף אַ פֿאַס (מיט קרויט, אוגערקעס אע).
אויערלעפֿעלע — דאָס, ־ך. דזוו אויערוואָרעם, בּ1 ←. ‟דאָס א, נערט זיך מיט געוויקסןשטאָפֿן און מע רעכנט [עס] צו צו די

בעליחיים וואָס טוען קיינעם קיין שאָדן ניט„
איבּז שמייל, זאָאָלאָגיע, 1924.
אויערמושל — דער, ־ען. 1. דרויסנדיקער
אויער וואָס שטייט אָפּ פֿון קאָפּ. „רײַסן זיך
די ווערטער... שלאָגן זיך אָן אָן די א'ען און
צעבּרעכן הערצער“, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג
און רעוואָלוציע. 2. מושל (בּאַשעפֿעניש)
וואָס איז ענלעך אויף אַן אויער אָדער האָט
אין די זײַטן אַזוי ווי אויערן.
אויער־מעדוזע — די, ־ס. בּאַשעפֿעניש פֿון
גאָר פּשוטער סטרוקטור פֿון דעם מין
oa lro)uy. אין דער תּקופֿה פֿון אַנטוויקלונג,
ווען עס איז אַ מעדוזע; די סטאַדיע פֿון
דערוואַקסנשאַפֿט בּײַ יעדער מין מעדוזע.
אויערן־דאָקטער — דער, ־דאָקטוירים.
דאָקטער וואָס היילט אויער־קראַנקייטן,
געהערדעפֿעקטן.
אויער(ן)־לאַפּן — דער, ־ס. דער טייל פֿון
אויערהיטל וואָס גייט אַריבּער דעם אויער;
אויער־דעקל. “...דער פּאַלטאָ, דאָס פֿוטערנע
היטל מיט די א'־ל'ס...“, אָפּאַ, 'בּיבּער־
כאַפֿערס„
אויער(ן)־רערל — דאָס, ־עו. רערל וואָס
מע שטעלט אַרײַן אין אויער כּדי בּעסער

צו הערן, טייל פֿון הער־אַפּאַראַט.

אויערשטעכער

אויער(נ)שמאַלץ — די. מצ נבֿ. דזוו
אויערוואַקס ←. סיאָרקע פֿון אויער.
אויערסאָווע — די, ־ס. מין סאָווע מיט
צוויי בינטעלעך פֿעדערן אויפֿן קאָפּ וואָס שאַפֿן
דעם אײַנדרוק פֿון אויערן אָדער הערנער
(דערום אויך הערנערסאָווע). קאָפּ און
אויגן קײַלעכדיק, קאָליר פֿון פֿעדערו ברוין,
אָראַנזש, ווײַסלעך; לעבט כמעט אין אַלע
לענדער; דערנערט זיך מיט פֿרעש, מײַז און
אַנדערע קליינע חיהלעך. Asio acciPitrinus.
אויער־עדות — דער. מצ ווי אצ. עדות וואָס
האָט עפּעס בלויז געהערט (אָבער ניט געזען),
עד־שמיעה. פֿרגל אויגן־עדות.

-

אויער־עסענונג — די, ־ען. (אַנאַטאָמיע)
עפֿענונג פֿון אויער. „די קלאַנגען־כוואַליעס
בעת זיי דערגרייכן צום אויערמושל, ווערן זיי
אָפּגעוואָרפֿן פֿון דעם מושל דורך דער א'־ע.
אין געהער־דורכגאַנג“, איבֿז דר, איסעל,

שמייל, דעך מענטש.

אויער־פֿלעדערמויז — די, ־מײַז. פֿלעדערמויז מיט לאָנגע אויערן (דרײַ און אַ פֿערטל צאָל די לענג, נײַן צאָל מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגלען, איין און אַ דריטל צאָל די אויערן). גרוי־בּרוין; לעבּט אין אייראָפּע, צפֿון־אַפֿריקע און אָסט־אינ.שע אינדזלען; ש ל אָ פֿ ט בּ ײַ ט אָ ג (שלאָפֿט אויך אַ גאַנצן ווינטער); שפּײַזט זיך בּײַנאַכט. Plecotus aur tus.

אויערקנערבּל — דער, ־ען(?). 1. כראָמשקע (ווייכער בּיין) פֿון אויער. זן. 2. אַרכ. אויערלעפּל. בּאר משה פֿאַרטײַטשט 'ונתתּה על תּנוך אזן, (שמות, כט, 20): „און דו זאָלסט געבּן אויפֿן א'".

אויער־רײַסנדיק — אַדי. וואָס איז זייער ניט אָנגענעם פֿאַרן אויער, גרילציק, צו הילכיק, שרײַעד פּ א . אַ שטאַרקערער מאָס

— אויער־ טנ ק.
. נ

אויער־רײַסער — דער, ־ס. וונ נבֿ. ווער עס רעדט זייער אַ סך; ווער עס זינגט אַזוי אַז עס רײַסט אַזש די אויערן פֿאַר אַזעלכע
. „
דרײַ צונגען־דרעשער און א'־ר, וואָס פֿאַר אַ בּאַטרעף קען האָבּן די לענגסטע ווינטערנעכט„, אמד, עוזר צינקעס און די ציג, ווילנע 1868.
אויעררינג — דער, ־ען, אויך ווי אצ. פּפֿ: אדיערינג. רינג (צירונג בּכלל) וואָס מע טוט אַרײַן, הענגט אויף אויפֿן אויערלעפּל (געווײנטלעך אוירינגל). „ראָש חודש איז דען ווייבּערן געבּן וואַרדן, דרום דש זיא ניט וואָלטן געבּן אירן מאנין אירי גילדן אור רינג צום עגל“, ספֿר המנהגים, אמשט, 1723, י/בּ. „און דערצו אַ בּײַטש קאַרעלן, אַ פּאָר געפּאַסטעטע אויעררינגען וואָס פֿון־ווײַטנס זעען זיי אויס ווי צוויי לייטערס“, קמ, 1865, No 15. „פֿון די אויערנלעפּלעך האָבּן זיך געבּאָמבּלט לאַנגע אויערינג. דאָס איז געווען די גבֿירטע“, בּאש, מײַן טאַטנס בּית־דין־שטובּ.
אויערשטעכער — דער, ־ס. 1. מכשיר

צו שטעכן אָדער צו רייניקן דעם אויער.
2. דזוו אויערוואָרעם ←.

אויער—שפּאַלטנדיק

אויער־שפּאַלטנדיק — אַדי. ←
אויעררײַסנדיק.
אויערשפּיגל — דער, ־ען. אַפּאַראַט
אַרײַנצוקוקן אין אויער. [אין שײַכות מיטן
באַשרײַבן אַ ייִדישן שפּיטאָל], קמ, 6 1865, No.
אויסטל — דזוו הויפּטל. ,,...אַ לויב אים פֿאַרן
ברויט פֿאַרן א, קרויט...,,, זעליג דאָרפֿמאַן
,
[אָפּקלײַב 1957]. ← הײפּטל. [נר].
אויפּס — דאָס, ־ן (פֿאַרשיידענע מינים).
 ob Mhd ־ אַרכ, טראַדיציאָנעל און אין
ריידשפּראַך — אויפּס, אין ליטרש אָפּט — אויפּסט.
אויך: אויבסט [נר]. זאַמלנאָמען פֿאַר פּירות;
פֿרוכט פֿון אַ בוים. עפּל, באַרן, פֿלוימען,
קאַרשן אאַ א'ן. מאַכן שהחיינו אויף א'. מאַכן
די ברכה 'בּורא פּרי העץ, אויף (איבער) אַלע
מינים צײַטיק א'. ד אַ ר א, = געטריקנט א,.
ז ו מ ע ר א , = וואָס ווערט צײַטיק און מע
קען עסן זומערצײַט. וו י נ ט ע ר א , = וואָס

ווערט צײַטיק שפּעט אין האַרבסט (און מע קען עסן ערשט נאָכן אויסליגן אַ געוויסע צײַט). ש ב ת ־ א , = וואָס מע גיט (ווי כּיבוד שבּת נאָך מיטאָג. גיין צום זיידן אויף (נאָך ש'־א'. אויפסבּדים — פֿרוכטבּוים. אויפסגאָרטן.

אויפסהענדלער. א'־זיצערין (־ערקע) = פֿרוי וואָס האַנדלט מיט א, אויפֿן מאַרק, אויף דער גאַס (בײַם אַרײַנגאַנג פֿון אַ טויער), מיט אָדער אָן אַ געשטעל. „די נידעריקע הײַזלעך האָבּן זיך געבּ יגן ווי מיט רחמנות איבּער די

בּייגלאָן א'־זיצערקעס", פּרץ, „אין פּאָסטוואָגן'. אליהו לוי אַשכּנזי, שמות דבֿרים, איזנע 1542 — „אופּש". „דר האָט זיין כּוונה גיהט איבּר די אופּס די בּרכה צו מכן און, גאָט יתבּרך צו לובּן", לט 1, י'/בּ. „אַבֿרהם האָט געמאַכט אַ שיינעם גאָרטן מיט אויפּס צו געבּן די געסט", צור, וירא. „דא האָט די פֿרוכט בּאַשירעמט דעם בּוים, כּלומר אַבֿרהם איז געוועזן דאָס א, פֿון תּרח", דאָרטן, נח. „איבּער אדמצײַטיקע א', איבּער בּרויט פֿון רײַזמעל אָדער פֿון הירזש — איז אַלץ שהכּל", חא, מ/בּ. „אָט וועט זיך דער זומער שוין ענדיקן אָמאָל, מע וועט צונויפֿנעמען דאָס גאַנצע א'...

אָפּשיטן אין אַ קעלער“, ווײַס II, 'איבּערגאַנג,.
,,זי האָט געטראָגן אַ טעלער מיט א', ווײַן,
אײַנגעמאַכטס“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ
פֿערדגנ.

אויפּעשט — גנ. Piest‏ס: . פֿאָרשטאָט פֿון
בּודאפֿעשט, אונגערן פֿאַבּריק־פּאַץ וואָס ס'האָט
— .
אין 1835 אריפֿגעשטעלט דער פֿאַרמעגלעכער ייִד
יצח לוי. [אין 1926 — 5,600 ייִדן אויף
0'67 איי[וו'].

אויפֿז — [אַרויסגערעדט ,,אַף“ אין לד, ,,אָף,, אין
פּד; oy בּלויז בּאַווירקט פֿ.ן אייסלייג] פּרעפּ
(פֿ.ן די אָפּטסטע אין ייִדיש, אפֿשר גלײַך נאָך
פֿ ן). בּאַנוץ בּאַווירקט פֿן גערמאַניש, ס
אַ
וויש ( ] Ila) און לק — ע ל. אויף +
דעם = אויפֿן ←. ou, ו Mhd.
1. ווײַזט אויף אָ ר ט , וואו עפּעס קומט
פֿאָר יכער דעם, שאַפֿט אַן אדוו פֿראַזע מיט
אָרטבּ טײַט וואָס ענטפֿערט איף די פֿראַעס:
וו ? ואוהין? ווי ווײַט (לאַנג, בּרייט, גרויס)

אין שטח? [ח.ץ אין די פֿ□ □ן, ווען עס קרמט
א י ן □. קומט נאָך ווערבֿן פֿין באַוועגונג א.ן
כאַזי□ יִיע. גיין א, אַ וועג; א, דער גאַס. שטיין

א, דעם טיש; הענגען א, דער וואַנט; פֿאָרן
א, ירידים; וואוינען א'ן צווייטן גאָרן. „כ'וואוין
דאָרט א, דער סמאָטשע־גאַס, א י ן אַ קעלער
פֿײַכט אדן נאַס“, אַר. [אָבער מע וואוינט אין
אַ דירה, אין אַ שטאָט, אין אַ לאַנד]. ס'איז
א, דער רעכטער (לינקער) זײַט. נעמען א, אַ
זײַט, א, יע□ער זײַט טײַך. „א'ן פּריפּעטשיק
בּרענט אַ פֿײַערל“, מ. וואַרשאַווסקי. „א, אַן
אײַנגעבּויגענעם בּוים שפּרינגען אַלע ציגן“,
שוו. „לאָז אַ הונט א, דער באַנק, שפּרינגט
ער א, דעם טיש“, שוו. “קומען א, אַ ווײַל
(← בּ3) און זען א, אַ מײַל“, שוו. „אָרעם און
רײַך ליגן אין דער ערד בּיידע גלײַך, אָבער
א, דער ערד ליגן די רײַכע בעסער“, שוו.
אַזוי גייט עס א, דער (גאָרער, גאַנצער) וועלט.
איינע(ר) א, דער וועלט. שאַפֿט אויך אַן אַטר

פֿראַזע מיט דזבֿ. ,,און אַ זייגער א'ן וואַנט
ציילט זײַן טיקטאַק נאָכאַנאַנד“, מל.
2. ווײַזט אויפֿן אויסגעבֿרייטערטן באַטײַט
פֿון אָרט (אַ גליד פ□ן קערפּער, אַ מלבֿוש, אַ
שטאָף, אַן אינסטרומענט, אַ כּלי אאַזוו) און
מיט פֿאַרשיידענעם פֿיג אָרטבאַטײַט. אַ שלייער
א'ן פּנים; אַ וואונד א, דער האַנט; אַרויפֿנעמען
א'ן גאָפּל; אַ שטערצל א, אַ טאָפּ; בראָטן א, אַ
פּאַטעלניע; נעמען אַ קינד א, די הענט; אַ פֿלעק
א, די הויזן. ,,אַז אַ פֿלעק קומט א אַטלעס,

,

בלײַבט עס דאָך אַט□עס“, שוו. ,,איינער האָט
דאָס א, דער לונג, דער אַנדערער א, דער
צונג“, שוו. ,,פּערל א'ן האַ□דז, שטיינער א'ן
האַרצן“, שוו. ,,ער נעמט מיך א, די עינים“,
פּרץ, 'האשה מרת חנה'. זײַן (גיין פֿאָרן אע)

,

א אַ שׂמחה, א אַ חתונה, א אַ סעודת־מצווה

□ , □

[צום אָרט וואו עס קומט פֿאָר און זיך
באַטייליקן]. ,,גיין א, דער סעודה“, שבחי בעשט,
אַס 1843. *טאַנצן א, פֿרעמדע חתונות =

י

זיך באַטייליקן אין עפּעס וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום סוביעקט. „טאַטע, גיי א, דעם בן־זכר און קלײַב מיר אויס אַ שיינעם בחור„, פּל. „די זון שײַנט גלײַך א, אָרעם אין רײַך“, שוו. „שוין געווען א'ן פּערד (א, דער באַנק) און אונטערן פּערד (אונטער דער באַנק)„, פּוול = אין אַ גוטן און אַ שלעכטן מצבֿ. פֿון דורות אָרעמאַן א, אָרעמאַן = כּסדר אָרעמעלײַט, אַזוי ווי איין אָרעמאַן וואָלט געלעגן אויפֿן צווייטן, ווי גאָרן א, גאָרן. „שטעלן אַ (דאָס) פּינטל א'ן שין“, נש = פּאַראַפֿראַזירט פֿון: אַ פּינטל א'ן i; זאָגן קלאָר, בולט, עס זאָלן ניט זײַן קיין אומפֿאַרשטענדענישן. *לאָזן (ווי) א'ן וואַסער

= אָן הילף, אָן מיטלען צו לעבן אין אַ

סכנ . *שטיין (ווי) א, הייסע קוילן = זײַן גוואַלדיק א מגעדולדיק.

3. ווײַזט אויף צ ײַ ט , ווען עפּעס קומט פֿאָר, שאַפֿט אַן אַדוו פֿראַזע מיט צײַטבאַטײַט וואָס ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס: (אויף) ווי לאַנג? במשך פֿון וויפֿל צײַט? אויף וואָסער צײַט? דאַרפֿן עפּעס א, עטלעכע שעה; לײַען א אַ גאַנץ יאָר; פֿ רטיק מא ן א, מאַרגן;

,

קדמען א, ייִן וואָך; אר יספֿאָרן א'ן גאַנצן זומער. א, איצט, א, שפּעטער, א, דערווײַל, א, שטענדיק, א, דור־דור ת, א, אייבּיק. ק מעי אַהיים א, יום־טובֿ [= ווען עס איז יום־טובֿ און אדיך צוליבּ יום־ט בֿ, ← בּ]. „גיט מען

אוין:;

מיר דאָס ביקסעלע א, פֿינף יאָר כּסדר“, פֿל. „דעם שור־הבּר מיטן לויתן וועלן מיר עסן א, דער סעודהניו“, פֿל. „לאָמיר זוכה זײַן צו טאַנצן א, דער מיזינקעס חתּדנה“, ווינטשעוואַניע. “ליבּ און טײַער דאַרפֿן אונדז א, אייבּיק זײַן...“, פֿרוג. „דו ווילסט די זיבּן גוטע

יאָר א, דער רגע", פּרק. „גייט א אַ גאַנצן טאָג
,
אין פֿעלד אַרײַן", ממוס. „גענוג אָפּקומעניש
א, זייער זינדיק לעבן", ייִל. *אָנקומען א,
דער שעה, א, דער מינוט, א'ן טאָג = פֿונקט
צך דער ריכטיקער (באַשטימטער) צײַט. *ס'איז
אַ שעה א, טאָג = אדיך: אַ שעה איידער עס
הייבט אָן טאָגן. אָנקומען אַ שעה א'ן טאָג

= אַ שעה נאָכדעם ווי עס האָט אָנגעהויבן
טאָגן. „דער שטייגער פֿון די קינדער פֿון
מלכים איז אויפֿצושטיין דרײַ שעה א'ן טאָג,,,
זרעים, ב/א. *אַ פֿערטל א, דרײַ = אויך:
אַ פֿערטל דרײַ פֿופֿצן מינוט נאָך צוויי [פֿרגל:
,
אַ פֿערטל צו דרײַ = פֿופֿצן מינוט פֿאַר דרייַ].
*א, מײַן לעבן = במשך פֿון גאַנצן לעבן.
„קיין אימעניעס האָב איך א, מײַן גאַנץ
לעבן ניט אויסגעמעקלט", שע, מנחס־מענדל.
*א, דער שטעל = אויך: גלײַך, תּיכף.
*א, דעם זיץ = אויך: אָט ווען מע
זיצט דאָ. *א, דער הייסער מינוט =
שוין, תּיכף; ניט באַטראַכט. *א, די הייסע

ציין = גראָד ווען מע וויל אויסזידלען, אויסדריקן כּעס פֿירהאַלטן. *א, גד גדוד יגודנו

,

= העט שפּעטער, ווען עס וועלן זײַן אַנדערע באַדינגונגען. *נעמען א, אָפּנוץ (־ניץ) = נאָר אויף אַ קורצער צײַט, צו ניצן, צו טראָגן. נעמען דאָס חופּה־קלייד א, אָפּנוץ. *טאָג א, טאָג, נאַכט א, נאַכט = יעדן טאָג, יעדע נאַכט כּסדר. *א, דאָס (ס') יאָר, פּד = בּמשך פֿון גאַנצן יאָר. „אין שומרון איז געווען 365 הײַזער פֿון עבֿודה־זרות... און א, יאָר האָבּן זיי זיך צו אַלע געבּוקט„, שי, יד/בּ. שאַפֿט אויך אַטר פֿראַזע מיט דזבּ. אַן עסק א, יאָרן. „אַ גאַסט א אַ ווײַל זעט א אַ מײַל (← בּ1)“, שוו.

, ,

*אויף אַ י(אַ)ריד (מאַרק) = בּעת אַ י(אַ)ריד אע. „אויף אַ יאַריד לערנט מען בּײַ אונדז נאָר בּיז האַלבּן טאָג“, איציק קיפּניס, לאָנע.

4. ווײַזט אויפֿן ש ט יי ג ע ר פֿון דער טר אונג און שאַפֿט אַדוו פֿראַזע מיט שטייגערבּאָטײַט וואָס ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס: וו אַזוי?

,

אויף וואָסער אופֿן? זאָגן עפּעס א, קאַטאָוועס, א, געלעכטער, א, שפּאַס, א, נאַריש. *זאָגן

א אַ ווערטל = אויף געלעכטער. גיין א, די

,

שפּיץ פֿינגער, א, די נעגל פֿאַלן א, דער

.

נאָז פֿאַרן א אַ שיף. שרײַען א אַ קול. „הײַלן

, , .

א אַ קוויטש“, ממוס. לערנען א, אויסווייניק.

,

שטיין יום־כּיפּור א, אַרבעס. גיין א, אַ שטיר.
גער, א, אַ דרך, א, אַ לאַד = עס גייט גוט,
ווי מע ריכט זיך. בּאַקן א, פּוטער. בּאַרעכענען
א'ן קאָפּ = אָן שרײַבן. רעדן א, ייִדיש;
ענטפֿערן א, מאַמע־לשון; זיך פֿאַרשטיין א'ן
וואונק. „ער מאַכט צו אונדז א, לשין־קודש“,
שע. לויפֿן קוקן א, בּילעטן. *ס'איז צו גיין
א, בּילעטן = עס איז כּדאַי צו בּאצאָלן, אַבּי עס
צי זען. זיך האָדעווען א, לעקעך, א,
פּופּיקלער, א, טרוקן בּרויט, א, נדבֿות. שפּילן א,
געלט = אײַנשטעלן געלט בּיי א שפּיל. קריגן
(נעמען) א, בּאַרג. *האַנדלען א, לינק = ניט

אוי

ערלעך, מיט געגנבֿעטער סחורה, מיט קאָנטראַבאַנד. גנבֿענען א, שפּרונג = דורך אַרויסכאַפּן. *האָבן א'ן קאָפּ = א) האָבן אין זינען, טראַכטן וועגן דעם. „זאָרג זיך ניט, איך האָב דעם ענין א'ן קאָפּ“, רייד; בּ) קענען אויף אויסווייניק. האָבן משניות (נזיקין, די מסכתּא אע) א'ן קאָפּ. „אַ יונגערמאַן נאָך פֿאַר די שלושים, אָבער מלא וגדוש, האָט ש“ס א'ן קאָפּ“, באַש, פֿאָר, 29 III 1959. אָפּוועגן א אַן אונץ. קויפֿן א'ן זאַק. „...מעשׂה־ביכלעך

,

וואָס מע קויפֿט א'ן פּוד“, פּרץ, 'אין פּאָסטוואָגן'. אויסבײַטן א, רענדלעך. האַנדלען א, אַמעריקאַנער דאָלאַרן [פֿרגל: האַנדלען מ י ט, ווען מע האַנדלט מיט דער וואַלוטע גופֿא]. „ער האָט אויסגעלייגט נאָכן לײַפּציקער קורס א'ן טאָלער און פֿאָדערט דאָ א'ן רובל“, ייִל, כּלבֿוניק, זשיטאָמיר 1876. „שבֿת א, אַ נאָווינע אַ קוגעלע פֿון בולבע“ פּל. „דאָס פֿידעלע

,

האָט זיך אַוועקגעלאָזט א אַ שטייגער“, אַש.

,

„וויפֿל בייגל קען מען אויפֿעסן א'ן ניכטערן

האַרצן?“ פֿרש. „צעשנײַדן מײַן חלק ברויט
,
א, קלייניטשקע...שטיקעלעך,„ שע, 'דאָס
מעסערל'. *א, פֿרעמדע הענט =) אָן אויפֿפּאַסונג.
לאָזן א, פּ, ה'; ב) זײַן אָפּהענגיק פֿון פֿרעמדע.
קללה: קומען זאָלסטו א, פּ, ה'. *עס האַלט זיך
(הענגט) א, אַ האָר = קוים־קוים, זייער שוואַך.
5. ווײַזט ביז וואָסער מ ד ר ג ה , אין
וואָסער פּ ר ט און שאַפּט אַן אַדוו פֿראַזע וואָס
ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס: בנוגע צו וואָס?
בשײַכות מיט וואָס? ביז וואָסער גראַד? שוואַך
ווערן א, די אויגן; טויב ווערן א, איין אויער.
זיך אויסקענען א, שמד־שטיק. קאַרג זײַן
א אַ קאָפּיקע און מילד זײַן א אַ
הונדער, ,
טער. וואַסערדיק א'ן טעם. קומען א, טרוקן
ברויט, א, כיכר־לחם, א, בעטלברויט.
איבערשרעקן א, טויט. פֿײַנט האָבן א, טויט. „מסרן
יענעם א'ן לעבן“, ייִל. זיך אויסרײַבן א, אַ
שמאַטע. עס קלעקט ניט א, איין צאָן. „דער
גאָט וואָס האָט געהאָלפֿן א, זאַלץ וועט העלפֿן
א, פּעפּער אויך„, שוו. „אַ פֿרוי איז לײַכטער
א, טרערן ווי אַן אָרעמאַן א, אַ זיפֿץ“, שוו.
„א אַן אייגן קינד זענען די עלטערן בלינד“,

,

שוו. „רחל איז געווען שיין א'ן געשטאַלט און שיין א'ן פּנים“, תּי, בּראשית, כט, 17. „איך בּין ניט שווער א, דער קעשענע“, אַש, תּהילים־ייִד. „אַ גזירה־שווה א, טיי פֿון ווייץ“, פּרץ.
*טויגן א, כּפּרות = אויף גאָרנישט, נאָר אַרויסצוּוואַרפֿן. „אַליין בּיסטו א, צרות און טויגן טויגסטו א, כּפּרות„, ר, מרדכילע. *א, עמעצן (עפּעס) לערנען אַ פּסוק = בּרענגען אַ פּסוק ווי אַ ראַיה אָדער אילוסטראַציע. שאַפֿט אויך אטר פֿראַזע מיט דזב. אַ גזירה אויף ייִדן; אַ תּשובֿה אויף די זינד; אַ רמז א אַ סוד. „בּטחון א, אייגענער חכמה איז

,

אַ שטיק נאַרישקייט“, שוו.

6. ווײַזט אויפֿן צ י ל אָדער אויף דער כּ וו נ ה פֿון דער טואונג און שאַפֿט אדוו פֿראַזע מיט צילבאַטײַט וואָס ענטפֿערט אויף דער פֿראַגע: צוליב וואָס? צונויפֿקלייַבן א, הכנסת־כּלה; געבּן א, בּדק־הבּית. (ניט) האָבּן א, שבּת; כּשרן א, פּסח; קויפֿן א, שׂמחתּתּורה אַ פֿאָן. גיין א, בּרכה, א, קידוש; קומען א, לעקעך און בּראַנפֿן; פֿאַרבּעטן א, טיי.

בּעטן א, אַ גוט יאָר. בּעטן א, גוטע קינדער.
בּעטן א, רעגן, שניי. גיין א, קידוש־השם, א,
מסירת־נפֿש. *גיין א, ניס = קלײַבּן ניס.
האָרעווען א, ווײַבּ און קינדער. אַרבּעטן א, אַ
שטיקל בּרויט. שוויצן א, חיונה. דאַרפֿן א,
קאָפּווייטיק (אויגנווייטיק, צאָנווייטיק), דאַרפֿן
א, כּפּרות = ניט דאַרפֿן. „א אַ האַלבּן דאַך
,
דאַרף מען הונדערט שינדלען, וויפֿל דאַרף
מען א, אַ גאַנצן דאַך?“, פֿרש. *האָבּן אָדער
ניט האָבּן א, עפּעס = געלט צו קויפֿן... האָבּן
א, פֿיש און א, חלה לכּבֿוד שבּת. וואו האָבּ
איך א, ארבּע־כּוסות? „וואו האָבּ איך א,
שינדל“, שע, 'דאָס טעפּל'. „זי האָט נאָר געלט
א, שׂכר־לימוד גענומען“, פּרץ, 'זיבּן גוטע
יאָר'. לערנען א, רבּ; שטודירן א אַדוואָקאַט,
,
א, דאָקטער; אויסהאַלטן עקזאַמען א,
פֿעלדשער. רײַבּן זיך (רײַסן זיך) א, גבּאי, א,
נאַטשאַלניק = שטאַרק וועלן, גרייטן זיך צו

ווערן. *שטיין א, (צען) גילדן אַ וואָך = זײַן אויף אַ שטעל צו קריגן... שאַפֿט אויך אַטר פֿראַזע מיט דזב. „ניטאָ קיין טראָפּנס א, האַרצווייטיק“, שוו. „אַ שליח א, בייזע בשׂורות“, ייִל. „קיין בעסער אָרט א, צו באַהאַלטן זיך ווי בײַ דער מאַמען איז ניטאָ אין דער וועלט“, שע. „סאַמעטענע בײַטעלעך א, טאַנצגעלט“, אַש.

7. ווײַזט אויפֿן י ס ו ד , ס מ ך , ג ר ו נ ט און שאַפֿט אַדוו (אָדער אַטר) פֿראַזע. זיך אָפּרופֿן א'ן קול־קורא. טאָן א'ן קייסערס באַפֿעל. זיך צונויפֿלויפֿן א, עמעצנס געשרייען. איבערלאָזן די זאַך א, מײַן אַחריות. „לאָזן די שטוב א, דער עלטערער טאָכטער, די קינדער א, דער שכנה“, רייד. א, מײַן נאמנות, א, מײַן וואָרט, א, מײַן יהדות. רײַך ווערן א, נדבֿות, א'ן צווייטנס האָרעוואַניע. טאָן עפּעס (גיין, לויפֿן, פֿאָרן אע) א, גאָטס באַראָט = זיך פֿאַרלאָזנדיק אויף גאָטס חסד; ניט באַטראַכט, אין אײַלעניש. „א, נסים טאָר מען זיך ניט פֿאַרלאָזן“, שוו. „אַז מע טאַנצט א אַ פֿרעמדן חשבון, ברעכט מען זיך אויס

אַ פֿוס“, שוו. „א, פֿרעמדע חשבונות טאָר מען

ניט לעבן", פּרץ, דראַמאַטישע שריפֿטן. "איך
וועל א, אײַך ניט רײַך ווערן,,, שע. ,,א, דיר
בּין איך געוואָרפֿן געוואָרן פֿון מײַן טראַכט"
אַש, תּהילים־ייִד. *א, אייגענע הענט = אויך:
א, אייגענער אַחריות. נעמען דעם גאַנצן עסק
א, אייגענע הענט.
8. קומט מיט אַן אָביעקט אין דאַטיוו נאָך
אַ גרויסער צאָל ווערבן (אין אַ סך פֿאַלן קען
עס אויסגעטײַטשט ווערן אויך לויט די
פֿריִערדיקע בּבֿ). אויסקומען א, יעדערן... אַכטונג
געבן א, די קינדער. אָנלייגן זיך א, עמעצן.
אַרויסקוקן א, עפּעס, עמעצן. בּאַשטיין א,
עפּעס. בּאַשליסן זיך א, אַ ווידערשטאַנד. בּײַטן
א אַ שמאַטע. בּרוגז זײַן (ווערן) א'ן חבֿר.
'
האָפֿן א, משיחן, א אַ נס פֿון הימל. השגחה
'
האָבן א, כּשרות. וואַרפֿן זיך א, פֿרעמדע
מענטשן. ווײַזן א, דעם שולדיקן. טײַטלען א,
דער שטעל אין בוך. טיילן א, אַ צאָל חלקים
(אויך בּ4) ,,א, צוואַנציק פּרקים איז דיא [!]
ספֿר גיטיילט גיוואָרן", לט1, שער־בּלאַט. כּפֿלען
אויף צען. לייגן אַכט א, אַ נײַער דערשײַנונג.
מסכּים זײַן א, דער פּשרה. משפּיע זײַן א,

אוי : I

עמעצן, א, עפּעס. נעמען א, זיך די אַרבעט.
עובֿר זײַן א, גאָר דער תּורה, א, כּל התּורה
כּולה. ענטפֿערן א, אַ שאלה. ס'פֿאַלט אַ פּחד
א, די רשעים; „ס'פֿאַלט א'ן מלאך אַן אומעט„,
יהואָש; די שולד וועט ניט פֿאַלן א, מיר.
פֿאַרלאָזן זיך א אַ נס פֿאַרנעמען זיך א, עפּעס

-

וויכטיקס. קוקן א, די שטערן. קלאָגן א'ן
ביטערן מזל. רחמנות האָבן א'ן יתום. רײַסן
זיך א, עמעצן. רעדן א, עמעצן. שטיצן זיך
א, עמעצן. שײַנען א, עפּעס. שיסן א, דער
לבֿנה. שרײַען א, שטיפֿערס. אויך אַטר פֿראַזע
נאָך סובסטאַנטיוון מיט די זעלביקע שטאַמען
וואָס די ווערבן. די השפּעה פֿון דעם רבין א,
די תּלמידים. „די האָפֿענונג א, מער פֿאַרדינען
איז געוואָרן גרעסער“, אר, 'אַ קליין
וועלטעלע'.

9. קומט מיטן אָביעקט פֿון אַ
ווינטשעוואַניע אָדער קללה. אַ געזונט א, אײַך; אַ
ברכה א, דײַן קעפּעלע. אַ רפֿואה שלמה א,

אַלע אבֿרים. אַ בראָך (קלאָג, מיתה משונה אאַזוו) א, דיר און א, דײַן גאַנצער טרייפֿענער משפחה. א, אַלע חורבֿות (מדבריות, פּוסטעס). ,,אַ גוטן פּורים א, אונדז און א אַלע ייִדן,,,

,
לאַט, מישקע [געוויינטלעך אָן א,]. ,,...פֿלעגט שפּאַצירן אין וואַלד, האָט זי זיך
אויסשפּאַצירט א אַלע שׂונאים געזאָגט“, פּרץ, '
קלאָץ,

געשיכטן'.

1O. קומט מיטן אינסטרומענט וואָס אויף דעם שפּילט מען (קען פֿאַרשטאַנען ווערן ווי בֿ2, בֿ4). שפּילן א'ן פֿידל, א'ן טראָמבאָן, א, אַ פֿלייט אאַזוו. [אָן אויף באַטײַט עס: קענען שפּילן אָדער שטענדיק שפּילן, ווי אַ פּראָפֿעסיע. זיך אויסלערנען שפּילן פּיאַנאָ (שפּילן פֿידל); זײַן פּראָפֿעסיע איז שפּילן פֿידל. אָבער: ,,ווער שפּילט דאָרט א, דער פּיאַנאָ? — ס'איז די און די“; אויסשפּילן א, אַ פֿידל אַ באַקאָנטן ניגון].

11. טרעפֿט זיך אין אַ גרויסער צאָל אידיאָמאַטישע אויסדרוקן (וואָס פּאַסן זיך ניט אינגאַנצן אַרײַן אין די פֿריִערדיקע בֿבֿ). זיי

ווערן נעגעבן ווי באַזונדערע אויסדרוקן אָדער קומען צוזאַמען מיטן ווערב. למשל: זײַן א, (גרויסע, געהאַקטע) צרות — בײַם ווערב זײַן; נעמען א, אַ סוד — בײַם ווערב נעמען.

12. טרעפֿט זיך אין אַ צאָל פֿאַלן וואו מע ניצט געוויינטלעך אַנדערע פּרעפּאָזיציעס.

אַנשטאָט א י ב ע ר: זיך לאָזן א, דער מדינה. „די מלמדים האָבן קיין שליטה נישט א, זייערע חדר־ייִנגלעך“, ייִל. „מיר ביידע האָבן צו שאַפֿן דאָ א, אַלצדינג“, שע. „מוז אַרומגיין א, די דערפֿער“, אַ▯ש, 'אין אַ שלעכטער צײַט'. „עס הערן זיך לידער א'ן שטעטל“, פּמ.

אַנשטאָט א י ן▯ (גאַנץ אָפֿט, ווײַל די בב באַגעגענען זיך): „שפּילן מיר אַ לידל א'ן מיטן גאַס„, פֿל. „גיי ניט א'ן רעגן, דער קאָפּ וועט דיר פֿאַרזשאַווערט ווערן“, פֿנול. „מע שרײַבט א, די בלעטער“, שע. „ווערטלעך א, אַ זײַט, איר זאָגט אונדז בעסער...“, שע. „קאָנען זיי עס בעסער טאָן א, דער פּראָווינץ“, אַש, וואַרשע. „דערווײַל ווערט נאַכט, נאַכט א'ן דאָרף“, אַש, 'אַלטע לײַט'. אַנשטאָט ב ײַ: „רבי גרשון זיצט א, אַ משפּט“, שבֿחי בעשט, אַס 1843. אַנשטאָט וו ע ג ן: „טראַכטן

י

אוי]

א, דעם טויט“, ה II, יג. „ער האָט קיינמאָל
ניט פֿאַרגעסן א, זײַנע חטאָים“, פּוקח עורים,
שקלאָוו 1832. „א, איַך שמועסט מען בײַ
אונדז אַז איר זענט נישקשהדיק אין מעמד“,
שע. אַנשטאָט מ י ט: “סוכאַרקעס א,
מאַנדלען“, יד. אַנשטאָט פֿ אַ ר (גאַנץ אָפֿט
ווײַל די בּבּ בּאַגעגענען זיך). שמאַלץ א'ן קוגל.
„פֿאַרקויפֿן א, בּאַר געלט“, אמד. „מאַכן אַ
ווערטשערינקע א'ן גאַנצן צעך“, ייִל, דאַס
משלחת. „אַ כּפּרה א, זייערע נאַרישע מעשׂים“,
ייִל. „אַ בּאַל א, אָרעמעלײַט“, פּרץ, ,
פּורים‏שפּילער'. אַנשטאָט צ ו: „ווײַטער אָנרעדן
א, אַן עבֿירה“, שבחי בּעשט, אַס 1843. „ער
י

-

האָט זיי שוין צוגעוואוינט א, אַלערליי
לוקסוס און קאָמפֿאָרט“, ייִל. ד'יש אוקר —
אַנשטאָט מ י ט (פּ אַ ר). „טו וואָס איך הייס: האָבּ
חתונה א, איר“, יצחק הכּנורי, נאָר איין טאָג

אמת, אַדעס 1887. ד'יש אַנשטאָט א י ן

פֿרייַ— .

טיק איז געווען אַ מנהג אין בעלז אַז דער שמשׂ פֿלעגט פֿרעגן דעם רבין, ווען ער זאָל גיין קלאַפּן א, דער שטאָט, מע זאָל לעכט צינדן“,

ספֿר דובר שלוס, פּשעמישל [?].

13. דטש מ. ווײַזט וואו מע שטודירט. לערנען זיך א, אוניווערסיטעטן. [נר: מע לערנט זיך א י ן חדר, אין אַ ישיבֿה, אין אַ שול, אין אַן אוניווערסיטעט].

אוי, אויס־ — [אַרויסגערעדט „אוף“ אין לד, „אָף“ אין פּד, „איף“ אין אוקר, בעס, רומ] קאָנווערב (פֿאַרבונדן אין אינפֿ און פּאַר, באַזונדער און נאָכן שטאַם אין אימפּ און איצ). גיט צו פֿאַרשיידענע באַטײַטן דעם שטאַם פֿון ווערב און אָפֿט אויך בײַ דעם זעלביקן ווערב מיט אַ צאָל בב. די אָפּטסטע זײַנען:

1. ווײַזט אויף: אינגאַנצן, ביז דער מדרגה וואָס עס איז נייטיק, אָדער וואָס איז נאַטירלעך, ביז דער נייטיקער מאָס, נייטיקן גראַד.

למשל: אויפֿבאַקן, אויפֿבריִען, אויפֿהאָדעווען,
אויפֿוואַקסן, אויפֿנייען, אויפֿעסן אאַזוו. 2.
באַטײַט אַז די טואונג האָט געבראַכט דעם
געוואונטשענעם רעזולטאַט. למשל: אויפֿזוכן
(דה געפֿינען), אויפֿטאָן, אויפֿלעבן, אויפֿמאָנען,
אויפֿמונטערן, אויפֿמישן, אויפֿציילן,
אויפֿשטורעמען אאַזוו. 3. ווײַזט אַז די טואונג הייבט
זיך אָן פּלוצלינג, מיטאַמאָל, אומגעריכט אָדער
קומט ווידער פֿונדאָסנײַ. למשל: אויפֿבליִען,
,
אויפֿבליצן, אויפֿדונערן, אויפֿפֿלאַמען,
אויפֿצאַפּלען, אויפֿציטערן, אויפֿשוידערן; אויפֿלעבן,
אויפֿמונטערן אאַזוו. 4. באַטײַט צ ו נ ו י ף ,
צ ו ז אַ מ ע ן , עס זאָל ווערן איין גרופּע,
אַ צונויפֿנעם פֿון אַ צאָל זאַכן דורך דער
טואונג וואָס איז אויסגעדריקט אין שטאַם.
למשל: אויפֿקלײַבן, אויפֿטראָגן, אויפֿלייגן;
אויפֿיאָגן, אויפֿטרײַבן; אויפֿקערן,
אויפֿרעכענען אאַזוו. 5. פֿאַרבײַט און איז
גלײַכווערטיק מיט אַ ר ו י ף (ספּ□נצ אין אַרכ און פּד).
למשל: אויפֿברענגען, אויפֿגיסן, אויפֿזעצן (אויף
אַ פֿור), אויפֿלאָדן, אויפֿסיל(י)ען, אויפֿקומען,
אויפֿשווימען, אויפֿשיסן אאַזוו. 6. ווײַזט אויף
דער ריכטונג אויף אַרויף, אין דער הייך, אָדער

אויף אַן אויסבֿרייטערונג, אַ פֿאַרגרעסערונג
אין שטח; אויך אויף פֿאָרויס. למשל:
אויפֿבֿויען, אויפֿבֿלאָזן, אויפֿגיין, אויפֿהייבֿן,
אויפֿהענגען, אויפֿטרעטן, אויפֿלויפֿן, אויפֿפּאַקן,

אויפֿקוועלן, אויפֿשטעלן, אויפֿשלאָגן אאַזוו.
7. ווײַזט אַז עס ווערט אַרויסגעבֿראַכט הויך,
אויף אַ קול. למשל: אויפֿזאָגן, אויפֿזינגען,
אויפֿטומלען אא. 8. ווײַזט אַז עס איז
אויבֿנאויפֿיק, נאָר אין אַ קלײנער מאָס (ספּעצ אין
פֿאַרגלײַך מיט א ו י ס), למשל: אויפֿווײַסן
און אויסווײַסן, אויפֿפּוצן און אויספּוצן,
אויפֿפֿרישן אאַ. 9. הייבֿט אַרויס אַז עס איז פֿון
אויבֿן, למשל: אויפֿגיסן, אויפֿמאָלן.
אויפֿקריצן, אויפֿשרײַבֿן אא. 1O. איז ענלעך אין
בֿאַטײַט צו צ ע־ פֿ ו נ אַ נ ד ע ר , למשל:

אויפֿבֿונטעווען, אויפֿבֿרענען, אויפֿטרייסלען,
אויפֿרודערן, אויפֿרייצן אאַ. 11. ווײַזט אויף
עפֿענען, אָפּדעקן דאָס דרויסנדיקע און קריגן
דאָס אינעווייניקסטע (אויך בֿאַפֿרײַען פֿון אַ
בֿאַגרענעצונג) דורך דער טואונג וואָס איז

אויסגעדריקט אין שטאַם. למשל: אויפֿבּרעכן, אויפֿגראָבן, אויפֿדעקן, אויפֿהאַקן, אויפֿטרענען, אויפֿקלאַפּן, אויפֿריגלען, אויפֿשליסן, אויפֿשנײַדן, אויפֿשפּאַלטן; אויפֿאָטעמען אאַזוו. 12. קען אינגאַנצן בײַטן דעם באַטײַט לגבי דעם באַטײַט פֿון שטאַם, למשל: אויפֿבּרענגען, אויפֿוואַרטן, אויפֿכאַפּן, אויפֿלייזן, אויפֿפֿאַלן, אויפֿקלערן אא (ספּעצ אין פּאַר: אויפֿגעבּראַכט, אויפֿגעלייגט אא). 13. מיט ז י ך — קען האָבן גאָר אַן אַנדער באַטײַט ווי דער ווערב אָן זיך; ס'רובֿ ווערן עס קזוו. למשל: אויפֿטראָגן זיך, אויפֿכאַפּן זיך, אויפֿלייגן זיך, אויפֿפֿאָרן זיך, אויפֿפֿירן זיך, אויפֿרעדן זיך, אויפֿשמעקן זיך.

ד אַנדערע בבּ און די קאָמבּינאַציעס פֿון
י

באַטײַטן זען אין די ווײַטערדיקע ווערבּן. א ו י ף קען האָבן פֿאַרשיידענע אין אויך היפּוכדיקע בבּ מיט דעם זעלבּיקן שטאַם פֿין ווערבֿ. וועגן פֿאַרשיידענע בבּ זען, למשל: אויפֿבּרענגען, אויפֿגיין, אויפֿגעבּן, אויפֿוואַרפֿן, אויפֿזעצן, אויפֿלויפֿן, אויפֿנעמען, אויפֿציִען, אויפֿקומען, א͏יפֿריכטן, אויפֿשטיין, אויפֿשטעלן, און אַ סך אַנדערע. עס קענען אויך

זײַן צוויי אַקעגנדיקע בב, למשל: אויפֿבייגן (צונויפֿבייגן, פֿונאַנדערבייגן), אויפֿבינדן (צונויפֿבינדן, באַפֿרײַען פֿון זײַן געבונדן), אויפֿוויקלען (צונויפֿוויקלען, פֿונאַנדערוויקלען), אויפֿפּלאָנטערן (צונויפֿפּלאָנטערן, מאַכן אויס פּלאָנטער) אאַ.

אויסאַגיטירן — טרוו. ־יר אויף, ~אַגיטירט. דורך אַגיטאַציע דערפֿירן צו טואונג(ען). א, דעם המון צו אַן אויפֿשטאַנד.
אויף; אַ האָר — אַדוו פֿראַזע. 1. פּונקט, פּינקטלעך; מיט אַבסאָלוט אַלע פּרטים. שטימט א אַ ה'. „אויפֿצורעכענען אַלץ ביז א, אַ ה, וואָלט די מעשׂה ציִען זיך אַ יאָר“, ממוס, יודל. 2. אַ ביסל, אַ טראָפּעלע. מאַכן א אַ ה, קירצער, שמעלער. „קריגט ער אים נאָר א, אַ ה', ריכט ער זיך שוין אויס אַ שוואַרץ יאָר“, עט, משלים. *עס הענגט (שטייט) א, אַ ה, = ס'איז אין אַ סכּנהדיקער, אומזיכערער. זייער וואַקלדיקער פּאָזיציע. דאָס לעבן הענגט דאַ א, אַ ה,.

אויף; אַ ווײַל(ע) — אַדוו פֿראַזע. אויף אָ
קורצער צײַט. גיב מיר, באָרג מיר א, אַ וו'.
„לאָז מיר ניצן דײַן ראָוועד א, אַ וו'„, רייד.
„אַ גאַסט א אַ וו, זעט אויף אַ מײַל„, שוו.
,

אוי] איין פּוס

אויסאוזשען — אוטוו. ־זשע אויף, ~
געאוזשעט. דזוו אויפֿהוזשען ←. “אוזשען אדיף
אַרום מײַן טורעם טויזנט ווײַסע וויני
ןבײַטשן”, הר, ,שוואַרצע קאַראַוואַנען'.
אויסאויקען אוטוו. ־קע אויף, ~געאויקעט.
(מיטאַמאָל, לסוף) אָנהייבן אויקען, אַרויסגעבן
די קלאַנגען אוי־אוי. א, פֿון ווייטיק, חידוש
אאַ.
אויף] און אָס — צגז אַדוו. אויך: אָפּ און
אוי. אַרויף און אַראָפּ; אַהער און אַהין,
אַהין און צוריק; אַרײַן און אַרויס. „בײַ דעם

רבֿ קאָכט אין שטובֿ, א, א אָ, מענטשן, מע
,
טרײַבט דאָס געשעפֿט גאָר אויף אַ גרויסן
אופֿן“, יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
„ייִדן און ווײַבער — דערהויפּט ווײַבער — א,
א, אָ', סע ווימלט און סע שווימלט,,, שע.
“ער איז זיך אַרומגעגאַנגען אין זאַל א, א, אָ',,,
פּרץ, 'האשה מרת חנה'. „די וואַסערלעך...
טראָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע...און
דערהייבן זיך און פֿאַלן... א, א, אָ', א, א, אָ'“,
ווײַט, אַ שטעטל.

אוי□ און נידער — צגז אַדוו. אַרכ. אַרויף
און אַראָפּ. „אויף און, נידר מכט ער אין
טראבן, רעכט אַז איין פּפֿערד דש מן וויל בֿור
קויפֿן, מכט ער אין אויף און, נידר לויפֿן“,
בּבא־בּוך, 93.

אוי□ און צו — קאָנווערבן וואָס פֿאַרבײַטן די
ווערבן: אויפֿעפֿענען — צומאַכן אָדער אַן
אַנדער אַנטאָנימישע פּאָר מיט אויף און צו.
„הערט דער ליטוואַק ווי עס קלאַפּן אויף אַרן
צו די טירן“, פּרץ, ,אויבֿ נישט נאָך העכער'.
[אויך בײַ אַ טיילווײַזן פֿאַרבײַט: „...האָט אַפֿילו
נישט געהערט אַז איך האָבֿ אויף און
צוגעשלאָסן די טיר“, פּרץ, 'דער משוגענער בטלן'.]

אויפֿאָטעמונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויפֿאָטעמען.

אויפֿאָטעמען — ־עם אויף, ~געאָטעמט.
אוטוו — 1. (פּלוצלינג, לסוף) אָנהייבן
אָטעמען. א, נאָך אַ האַרץ־מאַסאַזש. 2. ווערן
אויפֿגעלייגט, אָנהייבן זיך פֿילן פֿרײַ און
מונטער. א, נאָכן ווערן אַ בעל־הבית פֿאַר זיך.
טרוו — מאַכן אויפֿבליִען; אויפֿלעבן. ,,ווער
אָטעמט אויף דאָס פֿעטע שטיק פֿעלד, מיט טוי
באַדעקט'', פּרץ.

אויפֿאיבלען — אומפּ. עס איבלט אויף, עס
האָט ~געאיבלט. מיטאַמאָל קומען צו אַ
געפֿיל (צושטאַנד) פֿון איבלדיקייט פֿון די
.
מאכלים און רעדעס האָט מיך אויפֿגעאיבלט.

אויפֿאייטערן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס
אייטערט אויף, עס האָט ~געאייטערט.
מיטאַמאָל אָנהייבן אייטערן. די וואונד האָט
אויפֿגעאייטערט.

אויפֿאיילן — טרוו. אייל אויף, ~געאיילט.
איילן וויפֿל עס איז נייטיק, שמירן מיט אייל.
א אַ מאַשין, אַז זי זאָל גיין ווי געשמירט.
,
אויפֿאיילן זיך — אוטוו. אײַל זיך אויף, זיך

-

~געאײַלט. אָנהייבן יאָגן זיך; זיך
אויפֿמונטערן עפּעס צו טאָן גיכער. א, זיך צו
עבֿודת הבורא.
אויפֿאײינסן — טרוו. אײנס אויף, ~געאײנסט.
צונויפֿנעמען אין אַן אײנס. א, עלעמענטן.
אויף אײן

לעניש.
אַלפֿוס — אַדוו פּראַזע. < על רגל
אַחת. אויך: אויף גיך, אין אײַ

אויפֿאײַקען

דינג איז בחפּזון, און אַפֿילו עסן עסט דאָס
אויד א, א, פּ'"', שע. „געלאָפֿן אין מאַרק אַרײַן
א, א, פּ, אײַנקויפֿן פּעפּער", שע, יאָסעלע
סאָלאָװײ.
אויסאײַקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געאײַקעט.
פלוצלינג אָנהייבן אײַקען. א, פֿון ווייטיק,
דערשרעק.
אויף אין־רער־געשווינד — צגז אַדוו. פּר.
אויף גיך, גאָר גיך. „א, א'־ד'־ג, האָט ער
געזאָגט 'מודה אני'", ייִט, ,ד, זכריה אין גיהנום'.
אויסאיקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געאיקעט.

אויך מיט ז י ך. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן
איקען (צוליב התפעלות אע). א, פֿון אַ בייז
וואונדער. 2. אָנהייבן שלוקערצן. א, נאָך אַ
שווערן מאָלצײַט.
אויסאירזשען — דזוו אויפֿהירזשען ←.
אויסאירצן — טרוו. אירץ אויף, ~געאירצט.
איר. אַרויסוויַיזן דרך־ארץ, אָנהייבן אירצן,
ריידן אויף „איר„. א, דעם נגידס הינטל, איר,
ר, הונט
אויסאירצן זיך — קזוו. ← דפֿוו. אויפֿאירצן
איינס ס'אַנדערע. „הערט נאָר ווי זיי אירצן
זיך אויף די וואַזשנע לײַט, מיט אַלע כּיבודים“,
רייד.
אויפֿאַכט — די, ־ן. אַכט, אויפֿמערקונג,
אויפֿמערקשאַפֿט. מיט די ווערבן: ה אָ ב ן , ל י י ־
ג ן. „ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר איינציק
קינד און זאָל אויף אים א, האָבן“,
לעווקאָוויטש, די דרײַ חבריס, לובלין 1897.
אויפֿאַכטן — אַכט אויף, ~געאַכט פֿטמ. אוטוו
.
— לייגן אַכט אויף עפּעס. א, אויף דעם
קונצנמאַכערס הענט. טרוו — אַרויסוויַיזן
דרך־ארץ, אַכטונג. א, עמעצן פֿאַר זײַנע גוטע
מעלות.

אדיסאַכלען — טרוו. אַכל אויף, ~געאַכלט.
אויפּעסן (גראָבלעך); אויפּפּרעסן. א אַן אָקס
,

מיט די קאָפּעטעס.
אויפּאָכען
— אוטוו. אָכע אויף
לאנגען
, ~געאָכעט.
מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסגעבן די ק —
אָך־אָך. א, פֿון באַוואונדערונג, בײַם
באַדויערן.
אויף אַלע פֿיר — אַדוו פֿראַזע. אויף הענט
און אויף פֿיס; אויף אַלע פֿיר פֿיס (ווי אַ חיה);
גיך, אײַליק; אויך: אומגעלומפּערט. אַ קינד
קריכט א אַ, פֿ'. „...לויף געשווינד א אַ, פֿ,

און רוף מיר מײַנע קינדער צו מיר“,
מכירתיוסף־שפּיל, לעמבערג 1786.
אויפֿאַמאָ'ל — אַדוו. גלײַכצײַטיק, צוזאַמען.
א, זיך אויפֿכאַפּן פֿון אַ געשריי. א, נעמען
לויפֿן צו זען ווער עס וועט גיכער קומען.
„כיידע...האָבן א, דערשפּירט פֿון די
ער,...

טער זיך געריךט", אַלף כּץ, חלום עליכם.
[פֿרגל: א) אויף אַמאָל = אויף דעם וואָס וועט זײַן אַמאָל. אָפּלייגן אויף העט שפּעטער, אויף אַמאָל. בּ) אויף איין מאָל. ס'בּלײַבט שפּײַז
נ

אליק
— אַדי. וואָס איז צוזאַמען,
ר אויף איין מאָל עסן].
אויסאַמ

גלײַכצײַטיק; אינאײַנעמדיק. אַן א'ע אָ
שטרענגונג. אַן א'ע תּאווה.
אויף אַ נאָווינע — אַדוו פֿראַזע. דזוו אין אַ נאָווינע. זעלטן, איר שוין ווידער, שוין נאָכאַמאָל. „שבּת א, אַ נ, אַ קוגעלע פֿון בּולבע, זונטיק ווידער בּולבע", פּל.

אויף; אַן אמת — אַדוו פֿראַזע. בּאמת, אינדער־אמתן, אויף־אַן־אמתן. „שוין איינמאָל אַ שומר ישׂראל!... אָבער היטן היט ער א אַן

א, דעם אויסראָטער", הל, צוק, 1955.

אויף[־אַן־אמתן — אַדוו. איז טאַקע אַזוי.
שטימט מיט פֿאַקטן, מיטן אמת; ניט אויף אַ
שפּאַס. מיינען, זאָגן א אַ,־א'.
-,
אויפֿאַנטהאַלט — דער, ־ן. 1. אַרכ.
אויפֿהאַלט־אָרט; אָרט צו זײַן אַ קורצע צײַט, צו
פֿאַרבּרענגען. „סביב לאושפּיז... הרבּה עכבּר
ראשים אויף ענטהלט פֿלעגין צו הבּין...“,
אגרת שלמה, יא/ב. 2. דטשמ. דאָס
אויפהאַלטן זיך, דאָס פֿאַרבּרענגען. „נאָך אַ
קליינעם א, אין דעם פּאַלאַץ פֿונעם לאַנדגוט
אַלעקסאַנדריִע...“, קמ, l866 37, No.
אויפֿאַנטסלעקן — טרוו. אַנטפּלעק או ף,
~אַנטפּלעקט. נעאָל. „אויפֿאַנטפּלעקט אַ וועלט
פֿון כולו פֿרייד און קלאַנגען„„ סוצ,
וואַלדיקס.
אויפֿאַניי'ס — אַדוו. דזוו אויפֿסנײַ ←. “...איז
--
ער ניט יוצא, ער מוז ווידר אויף אַנײַש בּענשן“,
לט 1, הקדמה. [ניט פּלאָנטערן מיט: רעאַגירן
אויף אַ נײַס.]

אויסאָפּערן — טרוו. אָפּער אויף, ~געאָפּערט.

אַרכ. רעקאָמענדירטע פֿאָרעם אַנשטאָט
אויפֿאָ פֿער ־ ←.

אויסאָפּסערן — טרוו. אָפּפֿער אויף, ־,
געאָפּפֿערט. דטשמ. אָפּט מיט ז י ך. מקריבֿ
זײַן אינגאַנצן, אַוועקגעבן דאָס טײַערסטע.
„אָט דאָס הייסט א, זיך פֿאַר אַן אידייע“,
קאַצאָוויטש. “ווען דער ווינט וועט אויפֿהערן דא
וויל איך איין גוט קאַלבֿ אויף אָפּפֿערן“, ר,
אַהרן מטריבש, מצח אַהרן, וואַרשע תר“ג.

אויף אַ פֿולער וואָך — ← אויף דער (אַ)
פֿולער וואָך.

אויפֿאָפֿערן — טרוו. אָפֿער אויף, ~געאָפֿערט.
< האָלענדיש. אַרכ. פֿאָרלייגן; פּרעזענטירן.
„דעם ליבן לעזר...מיינה דינשטן אויף צו
אופּפֿרן„, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט, תּצ“ד.

אויף; אַפֿר ער — צגז אַדוועריבֿ. 1. דזוו
פֿריִער. „הער מיך א אַ, אויס!„, אָפּאַ, 'דער
משפּט'. 2 פֿאָרויס. „די יעגערס רײַטן, די
הינט לויפֿן א, אַ'“. „וואַסערמיידלעך,
געשלייערט אין ווייכע וואָלקנדלעך, לויפֿן א, אַ'“,
אָ—אַ, אַליין.

אויסאַקערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿין
אויפֿאַקערן. נאָך דער א, קומט דאָס
פֿאַרבּראָנעווען.
אויפֿאַקערן — טרוו. אַקער אויף, ~געאַקערט.
1. אויפֿגראָבּן די אייבּערשטע שיכט פֿון בּאָדן
בּײַם בּאארבּעטן די ערד. א אַ פֿעלד. א,
רוי,

ערד. 2. אַרויפֿקריגן, געפֿינען עפּעס בּײַם
אַקערן. „ווען גאָט גיט אַזוי אַז איך זאָל א,
אַן אוצר, וואָלט איך פּטור געוואָרן פֿון צו זײַן
אַ פּויער“ [אַזוי האָט ר, זלמן פּויזנער
כאַראַקטעריזירט ייִדן וואָס נעמען זיך צ
ערדאַרבּעט. יע, וואונדער־אוצר פֿון ייִד, שפּראַך].
3. פֿיג. אויפֿגראָבּן דאָס אייבּערשטע, דאָס
דרויסנדיקע. „מענטש איז אויך ערד —
לאָמיר א, איינער דעם צווייטן„, הל, 'לידער צו
אַ ווײַטן פֿרײַנד'. 4. אינגאַנצן צעאַקערן,
דורכאַקערן. „האָט טרונוספֿוס [= טורנוס

רופֿוס] הרשע דעם טאָג אויפֿגעאַקערט דעם

אויפֿבאַדינגען זיך

(היכל) און ס'איז מקוים געוואָרן דער פּסוק (ציון שדה תּחרש)", הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

אויף[אַראָפּ — צגז אַדוו. דזוו אַראָפּ; אין דער ריכטונג פֿון אַראָפּ פֿון נידעריקער (פֿיג:

,

שוואַכער, ערגער). א אַ, איז אַמאָל נאָך שווע,

רער ווי גיין אויף אַרויף. די געשעפֿטן זײַנען געגאַנגען א, אַ'. דאָס געזונט, האָבּ איך מורא, וועט גיין א, אַ'.

אויסאַרבּעטונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿאַרבּעטן.

אויסאַרבּעטן — טרוו. ־עט אויף, ~ געאַרבּעט. 1. פֿאַרענדיקן אַן אַרבּעט ווי געהעריק. א, דאָס מעבּל. „אײַלט זיך ניט אָפּצואַרבּעטן, מע דאַרף עס א'". 2. גוט צוגרייטן פֿאַר אַ ווײַטערדיקן פּראָצעס פֿון אַרבּעט. א, דאָס

טייג. 3. אַרויפֿאַרבעטן, ברענגען צו אַ
העכערער מדרגה. א, אַ געשעפֿט. 4. אויפּטאָ□,
אָפּטאָן. א, קונצן. *א, מעשׂים = אויפֿטאָן
אויסערגעוויינלעכס, אָפּט א□ר.

□

אויסאַרבעטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויפֿאַרבעטן זיך, קומען צו אַ העכערן שטאַנד,
שטײַגן פּראָפֿעסיאָנעל, סאָציאַל. א, זיך פֿון
אַ פּעדלער צו אַן אָלרײַטניק. א, זיך אַדאַנק
דעם שטאַרקן ווילן.
אוי□ז אַרויף — צגז אַדוו. דזוו אַרויף, אין
דער ריכטונג פֿון אַרויף, פֿון העכער (פֿיג:
שטאַרקער, בעסער). היפּוך פֿון אויף אַראָפּ ←.

□

אויסאַרן — אומפּ. עס אַרט אויף, האָט ~
געאַרט פֿטמ. מיטאַמאָל אָנהייבן אַרן; פֿאַרדריסן,

.

באַנג טאָן. "עס אַרט אים [אַקוז] אויף, טאָמער
איז אַ ביסל שטיל", רייד.

□

אויסבאַ־ — קאָמבינאַציע פֿון קאָנווערב

אויפֿאון ווערבאַלן פּרעפֿיקס באַ. טרעפֿט זיך אָפֿט
און שאַפֿט אַ צאָל ווערבן (דערעיקר אין דער
ריידשפּראַך). דער אינפֿיניטיוו (און די
קומעדיקע צײַט), דער פּאַרטיציפּ (און די
פֿאַרגאַנגענע צײַט) קומען אַרויס גרינגער אין אַ צאָל
פֿאַלן און נאַטירלעכער ווי די איצטיקע צי□ט
— —

□ דער אימפּעראַטיוו.
או
אויסבאָברען — טרוו. ־רע אויף, ~
געבאָברעט. אויפֿועקן; אויפֿפֿלאָנטערן; אויפֿמישן.
„אויפֿגעבאָברעט אַלע לעכערדיקע צודעקעכצן“,
ש□.

-
אויסבאַגיסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿבאַגיסן.

□

אויסבאַגיסן — טרוו. ־גיס אויף, ~באַגאָסן.

1. מיטאַמאָל אָדער ווידעראַמאָל באַגיסן. א, בלומען. 2. באַגיסן פֿון אויבן.

אויפֿבאַגליקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ. ~ באַגליקט. 1. מיטאַמאָל, פּלוצעם באַגליקן. "האָסט מיך באמת אויפֿבאַגליקט מיט דײַן קומען", רייד. 2. באַגליקן און דערהייבן.

אויפֿבאַגערן — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ. ~ באַגערט. 1. פֿונדאָסנײַ באַגערן; אויפֿוועקן פֿריִערדיקע פֿאַרלאַנגען. א, צו עפּעס. 2. באַגערן צו דערלײַכטערונג, צו עלית־נשמה. „אַ הייליק־גליקלעך א, פֿון דער לײַדנשאַפֿט„, ימ, איבז טאָמאַס מאַן, טאָניאָ קרעגער, 1930.

אויפֿבאַדינגען זיך — אוטוו, קזוו. ־דינג זיך אויף, זיך ~באַדונגען. לעצטגילטיק זיך באַדינגען. א, זיך מיט עמעצן בך־וכּך.

אויפֿבאַדינען

אויסבּאַדינען — טרוו. בּאַדין אויף, ~ בּאַדינט. זאָרגעוודיק, כּסדר בּאַדינען. א, אַן אורח. דער דיענשטשיק האָט אויפֿבּאַדינט דעם אָפֿיצער.

אויסבּאַהאַלטן — טרוו. ־האַלט אויף, ~ בּאַהאַלטן. 1. אויפֿהיטן, ניט לאָזן גיין פֿאַרלאָרן. א, דאָס אַנטיקל. 2. איינהיטן, אָפּשפּאָרן. א, דעם גראָשן, דאָס קערבּל.

-

אויסבּאַהיטן — טרוו. ־היט אויף, ~בּאַהיט(ן). 1. בּאַהיטן די גאַנצע צייט. א, די בּריוו און די פֿאָטאָגראַפֿיעס. 2. בּאַשיצן מיט גרויס זאָרג. „בּאַהיט זיי אויף, פֿאָטער אין הימל, ־ בּאַשירעם זיי“.

א

אויסבּאַהעסטן — טרוו. ־העפֿט אויף, ~ בּאַהעפֿט (~בּאַהאָפֿטן). צונויפֿהעפֿטן, צונויפֿנעמען. א, אַלע טיילן פֿון פֿאָלק.

אויסבּאַהעסטן זיך — אוטוו, קזוו ← דפֿוו. זיך צונדיפֿהעפֿטן; זיין צוזאַמען. זיך א, ווי א תע חבֿרים.

אויסבּאַוואַכט —, אַדי. ← דווו. וואָס איז

אונטער גוטער השגחה פֿרוכט פֿרישע,

... „ .

א'ע, — אַלץ פֿאַר דיר“, פּרץ, איבֿז שיר השירים.

אויפֿבאַוואַכן — טרוו. באַוואַך אויף, ~ באַוואַכט. 1. באַוואַכן מיט גרויס זאָרג (און אַחריות). א, דאָס קינד ווי דאָס אויג אין קאָפּ. 2. אויפֿהיטן די גאַנצע צײַט. מיט ז י ך — קזוו.

אויפֿבאַוואָרן — טרוו. באַוואָר אויף, ~ באַוואָרט. אַרכ [איצט, אויבֿ ניט סטיליזירט, דטשמ]. אויפֿהיטן. „מיר האָבן צו דער אייגענער צײַט אויו אויפֿבאַוואָרט העבֿרעאיש“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. “א, די ליטעראַריש־פּראָלעטאַרישע שאַפֿונגען„, נאד.

אויפֿבאַוואָרנט — אַדי, פּאָר אויפֿבאַוואָרענען ←. אויפֿגעהיט. א'ע אוצרות. „טײַוולאָנישע קרעפֿטן ליגן א'„, אַש, בײַם אָפּגרונט.

אויפֿבאַוואָרענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבאַוואָרענען.

אויסבאַוואָרענען — טרוו. ־וואָרן אויף, ~באַוואָרנט. אויך מיט ז י ך. גוט באַוואָרענען, אויפֿהיטן. זיכער מאַכן פֿון אַן

אומגליק, פֿון פֿאַרלוירן גיין. א, די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן.

אויפֿבאַווייזן — טרוו. ־ווײַז אויף, ~באַוויזן.

--

1. דערווײַזן, אויפֿווײַזן לעצטגילטיק. א, די גערעכטיקייט. 2. אַרויסשטעלן. א, וואָס מע קאַן. א, כּשרונות.

אויפֿבאַווייזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך

-

באַרימען, זיך אַרויסשטעלן מיט קענטענישן, בּוחות.

אויפֿב טן

— טרוו. באָט אויף, ~געבאָטן.

אוועןאוקר. דזוו אויפֿבויען ←.

אויסבאָ

1. אַרויסקומען מיט אַן (ערשטן) אָנבאָט. א אַ

,

פּרײַז. 2. איבערבאָטן. א, אַ מקח, אַז ס'זאָל אַוועק דער חשק צו קויפֿן.

אויפֿבאַטרעטן — טרוו. ־טרעט אויף, ~

באַטראָטן. אַרויפֿטרעטן; אַרויפֿגיין. שטעלן די ערשטע טריט. א, דעם ברעג, דעם שפּיץ באַרג.

אויפֿבאַטרעפֿן — אוטוו. ־טרעף אויף, ~
באַטראָפֿן. דזוו באַטרעפֿן, נאָר עמפֿאַטישער.
באַטרעפֿן צוזאַמען, אויסמאַכן אין סך־הכּל. א,
כּך־וכך.

397

אויפֿבאַלייכטן — טרוו. ־לײַכט אויף, ~

באַלויכטן. פֿונדאָסנײַ אָדער שטאַרקער
באַלײַכטן.
אויסבאַלעבן — טרוו. ־לעבּ אויף, ~באַלעבּט.
באַלעבן פֿונדאָסנײַ; ווידער אָדער ענדגילטיק
מאַכן אַקטיוו, טעטיק. א, די טעטיקייט פֿון דער
חבֿרה.
אוי▯באַלעווען — טרוו. ־לעווע אויף ~
געבאַלעדועט. שטויסן עמעצן דערצו (אָדער
געבן די מעגלעכקייט), מע זאָל ווערן צעלאָזן,
ניט־דיסציפּלינירט, צעבאַלעוועט. „ער האָט
אַליין אויפֿגעבאַלעוועט די תּלמידים און איצט
קלאָגט ער זיך אויף דער שוואַכער דיסציפּלין,„
רייד.
אויפֿבאַל(עווע)ן — טרוו. באַל(עווע) אויף,
~געבאַל(עווע)ט. (סוחריש) אויפֿלייגן,

אַרויפֿלייגן בּאַלן, אַ בּאַל אויף אַ בּאַל. א, סחורה אַזש בּיזן סופֿיט.

בּאמבּלט. אויך מיט ז י ך. 1. אויפֿקנוילן.
אויסבּאָמבּלען — טרוו. ־בּל אויף, ~

גע

□

2. אויפֿפּלאָנטערן, צונויפֿפּלאָנטערן, צונויפֿמישן. א, אינאײנעם עטלעכע מעשׂיות.
3. אויפֿטאָן, פּעיאָ. א, אַ ווייס־איך־וואָס.

□

אויסבּאַמ□ען — טרוו. ־מי אויף, ~בּאַמיט.
אויך מיט ז י ך. שטאַרקער אָדער פֿונדאָסנײַ מטריח זײַן, בּאַמיִען. א, זיך צו קומען צו דער צײַט.
אויפֿבּאָמקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געבּאָמקעט. (מיטאַמאָל) אָנהייבּן בּאָמקען, אויפֿזינגען בּאָם־בּאָם... פֿון דער העלער הויט א, אַ ניגונדל.
אויפֿבּאַנדאַזשירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּאַנדאַזשירן.

אויפֿבּאַנדאַזשירן — טרוו ־זשיר אויף,

.

~בּאַנדאַזשירט. 1. אַראָפּנעמען,
אַראָפּוויקלען אַ בּאַנדאַזש. 2. אַרויפֿלייגן נײַעם
בּאַנדאַזש. א, די וואונד.
אויפֿבּאַנעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿבּאַנעמען.
אויפֿבּאַנעמען — טרוו. ־נעם אויף, ~
בּאַנו־ טיין. א, די זאַך ווי זי איז. 2.
מיטמען. 1. אינגאַנצן תּופֿס זײַן, גרינטלעך
פֿאַרש
אַמאָל בּאַנעמען. א, אין אַ נײַ ליכט.
אויפֿבּאַנעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו פֿטמ.

.

דזוו בּאַנעמען זיך, אויפֿפֿירן זיך. ער בּאַנעמט
זיך אויף גאַנץ לײַטיש.
אויפֿבּאַפּוצן — טרוו ־פּוץ אויף, ~בּאַפּוצט.
אויך מיט ז י ך. בּאַפּוצן, אויספּוצן נאָך
לפּנים וועגן אָדער אויבנאויף. א, די שטוב, די
האָר.
אויפֿבּאַפֿאַלן — אוטוו. ־פֿאַל אויף, ~
בּאַפֿאַלן. שטאַרק אָנפֿאַלן; מיטאַמאָל, אומגעריכט
בּאַפֿאַלן. א, אויף עמעצן מיט קללות און
זלזולים.

אויפֿבאַפֿרידיקן — טרוו. ־דיק אויף, ~
באַפֿרידיקט. (סוחריש) אַנטקעגנקומען עמעצן, צופֿרידן שטעלן אויבנאויף, נאָר לפּנים וועגן. א, אַ קונה.
אויפֿבאַקומען — טרוו. באַקום אויף, ~
באַקומען. לר. פֿטמ. 1. צונויפֿקריגן, באַקומען אַלץ. א, אַלץ ביז אַ ברעקל. 2. באַקומען עפּעס ווי אַ צוגאָב, הוספֿה. א, נאָך אַ האַלבן קוואָרט.

אויפֿבאַרשטן

-

אויפֿבאַקליידן
— טרוו. באַקלייד אויף, ~
באַקליידט. פֿטמ. דזוו באַקליידן, נאָר עמפֿאַטיש□ר. א, די טאָכטער וו אַ כּלה.
׳

אויפֿבאַקן — טרוו. באַק אויף, ~געבאַקט, ~געבאַקן. 1. אינגאַנצן אויסבאַקן. ,,באַקט אויף און צעקוועטשט הייסערהייט די קאַרטאָפֿל, גיסט אַרײַן די פּוטער“, מישולאָוו, וועגעטאַרישע קאָכבוך, נ״י 1926. 2. אויפֿפֿרישן

דורך (צו)בּאַקן. אויך מיט ז י ך. ← דוווו
,,...שטעלט אַרײַן אין אַ הייסן אויוון, עס זאָל
אוי א'", דאַרטן. [רעדט זיך וועגן שוין גוואַקנס.]
בּאקן זיך — אוטוו. ← דפּוו. . אַזוי
זי בּ

-

ווי פֿון זיך (אָן איבּעריקער בּאַמיאונג) ווערן
גרייט דורך בּאַקן. אַ קוק טאָן אין אויוון און

. 2. אויפֿגיין, גרעסער ווערן אין דער צײַט
זען צי דאָס בּרויט בּאַקט זיך גוט אויף.

פֿון געבּאַקן ווערן. ,,די בּאַבּקע האָט זיך הויך

אויפֿגעבאַקן“.

אויסבאַראַבאַניען — טרוו. ־ניע אויף, ~באַראַבאַניעט. מיטאַמאָ אָנהייבן אָדער

פֿאַרענדיקן אויסקלאַפּן עפּעס אויף אַ פּויק. א אַ מאַרש.

אויפֿב(אָ)ראָנעווען — טרוו. ־נעווע אויף, ~געב(אָ)ראָנעוועט. 1. ווידער, פֿונדאָסנייַ אָדער מיטאַמאָל בראָנעווען. א, דאָס פֿעלד אַ צווייט מאָל. 2. דזוו אויסבראָנעווען, אָבער מיט באַטײַט: אויפֿהייבן די ערד אָדער אויפֿרישן דורך בראָנעווען.

אויפֿבאָרבלען — ־בל אויף, ~געבאָרבלט. אויך מיט ז י ך. אוטוו — אויפֿצאַפּלען, אויפֿטרייסלען זיך. טרוו — צונויפֿמישן. א, בוידעם מיט לאָקשן.

אוי ; באָרג — אַדוו פֿראַזע. ניט פֿאַר באַר געלט; צו באַצאָלן שפּעטער. קויפֿן, נעמען, קריגן א, ב'. „א, ב, און אָן זאָרג„, פֿוול.

-

אויסבאָרגן — טרוו. באָרג אויף, ~געבאָרגט.

דזוו צונויפֿבאָרגן, צו ביסלעך אָדער פֿון
פֿאַרשיידענע קוועלן נעמען אויף באָרג,
צונויפֿלײַען. א, דאָס געלט (די סחורה) כּדי צו קענען
פֿאָרן אויפֿן יריד.

אויסבאַרימען — טרוו. ־רים אויף, ~
באַרימט. אָפּט מיט ז י ך. שטאַרק לויבן;
אויפֿהייבן, דערהייבן דורך איבערגעטריבענעם
לויבן. א, זיך פֿאַר דער גאַנצער וועלט מיט
ליגנס.

אויסבאַרעכענען — טרוו. ־כן אויף, ~
באַרעכנט. פֿטמ. 1. דזוו צונויפֿרעכענען,
באַרעכענען אַלץ. 2. מאַכן דעם חשבון אויף דער
גיך. א, דעם גאַנצן חשבון אין איין מינוט.

-

אויפֿבאַרעכענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

ווידער אָדער מיטאַמאָל זיך בּאַרעכענען, זיך
בּאַטראַכטן. א, זיך אַז דער גאַנצער ענין לוינט
(זיך) ניט.

אויפֿבּאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויף,
זיך ~געבּאָרעט. סל. זיך אויפֿהייבן,
אַרויסדרייען זיך בּײַם ראַנגלען זיך. „ער איז שוין
כּמעט ווי געלעגן אויף בּיידע לאָפּעטקעס, נאָר
ער האָט זיך אויפֿגעבּאָרעט„.

□

אויסבּאַרשטן — טרוו. בּאַרשט אויף, ~
געבּאַרשט. 1. צונויפֿבּאַרשטן, צונויפֿנעמען מיט
אַ בּאַרשט. א, דעם שטויב. 2. בּאַרשטן
אַרויפֿצו. א, די וואָנצעס.

□

אוי□ בּאַשטאַטן

אויסבּאַשטאַטן □ טרוו. שטאַט אויף, ~
בּאַשטאַט. פֿטמ. אויפֿריכטן, שטעלן אויף די
פֿיס דורך בּאַשטאַטן מיט אַלדאָס נייטיקע. א,
אַ גוטן־בּרודער מיט בּאַר געלט און מיט

ק־ווירן פֿאַר אים.

א

אויסבּאַשיטן — טרוו. ־שיט אויף, ~
באַשאָטן (~באַשיט, פּד). באַשיטן פֿון אויבן
אָדער אויף דער גיך. א, מיט האָפּן חתן־כּלה.
א אַ געבעקס מיט צוקער און צימרינג.

,

אויסבּאַשיינען — טרוו. ־שיין אויף, ~

באַשײַנט. 1. באַשײַנען שטאַרקער, מיט מער
ליכט. צוגעבן נאָך לאָמפּן און א, דעם זאַל.
2. ווידער, פֿונדאָסנײַ אָדער מיטאַמאָל
באַשײַנען.

אויסבּאַשלאָגן — טרוו. ־שלאָג אויף, ~
באַשלאָגן. (שנײַדעריש) באַשלאָגן פֿון אויבן אָדער
אויף דער גיך. באַשלאָג אויף דאָס פֿוטערל
ביז די ערשטע פֿרעסט.

אויסבּדהנען — [...באַדכענען] טרוו. בּדחן
אויף, ~געבדחנט פֿירבּרענגען, אויפֿפֿירן אַ

.

בּדחניש שטיקל. א, אַ שטיקעלע פֿאַרן עולם מחותּנים.

אויסבּדקענען — [...בּאַדקענען] טרוו. בּדקן, בּדקע אויף; ~געבּדקנט, ~געבּדקעט. 1. אויפֿשנײַדן, אויפֿעפֿענען בּײַם בּדקענען. א, אַ בּהמה. 2. (גנבֿים־שפּראַך) אויפֿשנײַדן, אויסשנײַדן אַ קעשענע. א, אַ מאַנטל.

-

אויסבּוי — דער. מצ נבֿ. 1. אַקט פֿון אויפֿבּויען. „,...בּעטנדיק בּײַ זיי הילף פֿאַר דעם א, פֿון דעם בּית־המקדש“, קאָראַלניק II. 2. קאָנסטרוקציע, אויפֿשטעל; פֿאָרמאַציע. דער א, פֿון אַ קונסטווערק, פּאַרטיי.

אויסבּויאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּויען. די א, פֿון אַ בּנין,

פֿון אַ שול־סיסטעם.

□

אויסבֿויטען — טרוו. ־טע אויף, ~געבֿויטעט.
אויפֿשאָקלען, אויפֿטרייסלען, אויפֿרודערן. א,
אַ מוטנע וואַסערל. „נאַראָנים זײַנען בעסער,
ווײַל זיי קענען א, ריין וואַסער“, גאָדינער,
איבֿז, צעמענט.

□

אויסבֿויען — טרוו. בֿוי אויף, ~געבֿויט.
1. דזוו אויסבֿויען ←. א, אַ הויז, אַ בריק.
„בֿוי אויף דײַן וואוינונג“, ממוט, זמירות.
2. אדיפֿשטעלן; פֿאַרענדיקן שאַפֿן,
קאָנסטרואירן. א, אַ היים בישׂראל. א, אַ (גײַסטיקן,
מיליטערישן אאַ) כוח. *א, פּתום און רעמסס
= אויך: אויפֿטאָן גוואַלדיקע זאַכן (אָפּט
איר). 3. אַנטוויקלען, פֿאַרבעסערן,
פֿאַרגרעסערן. א, אַן אונטערנעמונג, אַ געשעפֿט. „(זי)
פֿאַרלאָזט פּוילן ווײַל זי דאַרף אויסלייזן און
א, איר אייגן לעבן„, דעמבלין, צוויי און אַ

דריטער. „שפּײַז איז ניט נאָר דער הויפּטמאַטעריאַל אויפֿצובויען דאָס געזונט...,,,, מישולאָוו, וועגעטאַרישע קאָכבוך, נ"י 1926.
4. גרינדן און אַנטוויקלען. א, אַ שול־סיסטעם.
5 פֿונאַנדערוויקלען (מיט אַ פּלאַן) ביזן פּאַר.
ענדיקן. א, אַ קונסטווערק, אַ ראָמאַן, אָ סיסטעם געדאַנקען.

--

אויסבויער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס בויט אויף. די א'ס פֿון דער נײַער יידישער שול.
אויפֿבויעריש — אַדי. 1. וואָס איז פֿעאיק,

עלול אָדער בכוח אויפֿצובויען. א'ע כוונות, פּלענער. 2. שעפֿעריש, פּראָדוקטיוו.
אויסבויערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿבויעריש. זײַן אונטערנעמערישקייט און א'.
אויסבוכען — ־כע אויף, ~געבוכעט. אוטוו

— אויפֿפּלאַצן, אויפֿרײַסן אע. גראָבלעך. א, מיט אַ קנאַל. טרוו — מאַכן אַז עס זאָל פּלאַצן, אויפֿרײַסן. א אַ פּוכי'ר.

,

א — ־בע אויף, ~געבולבעט. פּפֿ:

ן. אוטוו — אויפֿבלעזלען. דאָס וואַסער בולבעט שוין אויף. טרוו — אויסמישן עס זאָלן אַרויפֿקומען בלעזלעך. א, דאָס וואַסער.

אויסבולבען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿון זיך קריגן בלעזלעך פֿון אויבן. 2. (שפּאָטלשון) אויסבילדן זיך. א, זיך און ווערן אַ גאַנצער פּראָפֿעסאָר (פּראָפֿרעסער).

אויסבונר — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבינדן. דער א, פֿון די קנופּן. "קלאַנג פֿון אויפֿברויז ניט־אַנטפּלעקטן, א, פֿון די צינגער", א ניסענזאָן, דאַס לעבן וויל אַ מעשׂה הערן.

אויסבונטעווען — טרוו. ־טעווע אויף, ~ געבונטעוועט. אויפֿרודערן, אויפֿרייצן; העצן, אַגיטירן פֿאַר אַ בונט, מרידה. א, דעם המון

קעגן עפּעס, עמעצן. „מע קען [די מערהייט]
ניט א, קעגן איר אינעווייניקסטער
פֿיליסטער קייט“, שנ, ה. לייוויק.
׳
אויסבּונטעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסטרעטן שאַרף, אָנהייבּן זיך בּונטעווען
קעגן עפּעס, עמעצן (געוויינטלעך קעגן
פֿאָרשטייערס פֿון מאַכט). די סאָלדאַטן וועלן זיך
א, קעגן די אָפֿיצירן. "האָט זיך...די שטילע
טאָכטער אויפֿגעבּונטעוועט קעגן איר מאַמען“,
דטש, טמז, 20 54 II.

-

אויסבּוצקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געבּוצקעט. אויפֿרייצן, אויפֿהעצן. א, די צוויי
חבֿרה־לײַט, זיי זאָלן פֿאַרפֿירן אַ געשלעג.

אויסבּוצקען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
מיטאַמאָל זיך צונויפֿשטויסן. א, זיך מיט די
הרנער.
אויסבּורטשען — אוטוו. ־טשע אויף, ~
געבּורטשעט. מיטאַמאָל אָנהייבּן אַרויסגעבּן

בּורטשעדיקע קלאַנגען. א, ווי אַ בּייזער הונט.
עס בּורטשעט אויף אין בּויך. דער ווײַן יוירט
שוין, ער האָט אויפֿגעבּורטשעט.
▯

אויסבּורען ▯ טרוו. ־רע אויף, ~געבּורעט.
אויך: ~בּורענען. 1. אויפֿטרייסלען,
אויפֿרודערן, אויפֿבּרויזן. „...אויפֿגעבּורעט
וואַסערבּלעזלעך“, קוו, רינג אין רינג. 2. אויפֿהעצן,
אויפֿרייצן. „מע ווייסט, ווער די הראָמאַדע
אײַערע איז, און ווער עס האָט אײַך
אויפֿגעבּורעט“, שע, טבֿיה.
אויפֿבּורען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. מיטאַמאָל
ווערן שטאַרק אין כּעס; אויפֿרעגן זיך. א, זיך
איבּער אַ גאָרנישט.
אויפֿבּורקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געבּורקעט. אויפֿוועקן, אויפֿמונטערן; אויפֿטרייסלען
אע. א, עמעצן פֿון שלאָף. דאָס פֿאָרן אויף
גרודעס בּורקעט אויף די פּאַרשוינען.
אויפֿבּושעווען — ־עווע אויף, ~
געבּושעוועט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבּן

לען, שלאָגן זיך, ווערן ווילד פֿון כעס. ווערן מלא גזלן און א'. 2. אָנהייבן שטאַרק רוישן. דער וואַלד בושעוועט אויף אין שטורעם. טרוו אַרײַנברענגען עמעצן אין צושטאַנד --

פֿון בושעווען. א, דעם המון מיט העצערישע רייד.

אויפֿביגלען — טרוו. ־גל אויף, ~געביגלט. פר; קורלאַנד. אויפֿפרעסן, אײַנפרעסן. א, אַ קנייטש אין די הויזן.

אויסבידעווען — אוטוו. ־עווע אויף, ~ געבידעוועט. אוקר. מיטאַמאָל (ווידער, איבעראַנײַס) בידעווען, אָפּקומען. א, אַזוי, אַז אַ טרוקן שטיקל ברויט זאָל זײַן אַ יום־טובֿ.

אויסביטן — [לאַנגער י] טרוו. ביט אויף, ~געבאָטן. ארכ. מאָביליזירן. „זיינן... פֿון קיסרשין פֿאָלק אויף גיבאָטן וואָרדן צוויי טויזנט מאַן“, באַלעגערניש.

אויסבייג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

פֿ ן אויפֿבייגן (זיך).
אויסבײגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבייגן (זיך).
אויסבייגן — טרוו. בייג אויף, ~געבויגן. 1. אויסגלײַכן, פֿונאַנדערנעמען. א, אַ קרומען טשוואָק. "...דער ייִד האָט אויפֿגעבויגן אַ פֿאַרקנייטשטן בלאַט און אָנגעהויבן לייענען,,, אָפּאַ, 'אין אַ הויז'. 2. פֿאַרבייגן, צונויפֿבייגן. א, אַ בלאַט אין צווייען.

אויפֿבייגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך (אָן אַ כּיוון) ווערן אויפֿגעבויגן. א, זיך פֿון ווינט.

אויסבייזערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געבייזערט. מאַכן עמעצן בייז; אויפֿרעגן צו ווערן אין כּעס. א, עמעצן, ער זאָל אַרויסלויפֿן פֿון שטוב.
אויסבייזערן זיך — אוטוי. ← דפֿוו. אָנהייבן זיך בייזערן. א, זיך איבער אַ גאָרנישט.
אויפֿבייטלען — טרוו. ־טל אויף, ~

געבײַ--

טלט. אויפֿעפֿענען דעם בײַטל. מיט ז י ך = זיך לאָזן קאָסטן. זיך א, און באַצאָלן פֿאַר אַלעמען.

אויפֿבייכלען — ־כל אויף, ~געבײַכלט. אויך
--

מיט ז י ך. אוטוו — ווערן אויפֿגעבלאָזן, אַרויסקומען אין פֿאָרעם פֿון אַ בײַכל. די נאַסע ברעטלעך בײַכלען אויף. טרוו — 1. מאַכן עס זאָל ווערן אַ בײַכל. א, דאָס קינד מיט צו פֿיל קאַשע. 2. מאַכן טראָגעדיק. גראַב.

אויפֿביילן — טרוו. בײַל אויף, ~געבײַלט.
-

צונויפֿנעמען אין אַ קנויל. ,,האָט ער...פֿויסטן אויפֿגעבײַלט", הר, אָדמס קינדער. מיט ז י ך =ווערן אַ קנויל.
-

אויסבײַסן — טרוו. בײַס אויף, ~געביסן.
׳

אויפֿעפֿענען עפּעס מיט די ציין דורך בײַסן. "דאָס קינד האָט ניט געוואוסט ווי צו עפֿענען אַ שאַכטל און האָט עס אויפֿגעביסן,,. א אַ

,

ציגאַר.
אויפֿבילן — אוטוו. ביל אויף, ~געבילט (~געבולן). מיטאַמאָל, אומגעריכט אָנהייבן בילן. א, ווי אַ בייזער הונט. „...אַ הונט האָט טיילמאָל אויפֿגעבילט אין די וואַרעמע דאָרפֿישע וויטקייטן„, יִיט, טמז, 2 IX 1961.
אויפֿבינדונג — די, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבינדן. די א, פֿון די קנופּן.

-

אויפּבינדן

2. אַקט פֿון מיטאַמאָליקער באַפֿרייאונג. „די א, פֿון אַטאָמישער קראַפֿט האָט רעוואָלוציאָ□ט אונדזער עפּאָכע„.
ני
אויסבינדן — טרוו. בינד אויף, ~געבונדן.
1. אָפּבינדן, פֿונאַנדערבינדן; באַפֿרייען פֿון זײַן געבונדן; אַוועקנעמען פּענטעס. „שׂמחהלע האָט ניט געגלייבט: ווי אַזוי אַשטייגער קען אַ געבונדענער א אַ צווייטן?“, זש, נח פּאַנדרע.
,
„ווען איין פּאדם ווער פֿאַר קניפּט... דא טאָר

מן עס אַך וואול אויף בינדן", לט1, 1/73.
,,איז זי געגאַנגען און האָט אויפֿגעבונדן די
שיף און האָט צעלאָזט די לײַוונטן און איז
אַנטלאָפֿן געוואָרן מיט דער שיף", נחב, 'מעשׂה
ממלך וקיסר'. מלל פֿאַרטײַטשט 'כי יתרי
פתּח, (איובֿ, ל, 11) ,,אויף גיבונדן" [תּי: לויז
געמאַכט]. *א, (זיך) די הענט = (זיך)
באַפֿרײַען, שאַפֿן (פֿאַר זיך) נײַע מעגלעכקייטן.
2. אויפֿשליסן, עפֿענען אַ שלאָס, אַראָפּנעמען
אַ שטעמפּל. ,,און זאָלסט רופֿן צו די
געפּײַניקטע אַ פֿרײַהייט און זאָלסט א, זייער שלאָס
הײַנטיקן טאָג", איין נײַע שס־תּחינה,
פּיעטריקאָוו, 1881. ,,אַ פֿאַרבאָרגענעם סוד... אַז מע
וועט אָפּטאָן זײַן דעק און מע וועט א, זײַן
חתימה... וועט געזען ווערן זײַן פֿאַרבאָרגענע
זאַך", חה, בֿ, 264.
3. מאַכן אויס, מבֿטל זײַן, אַוועקפֿירן פֿון
איין שטאַנד אין אַן אַנדערן. ,,עס איז אַ
טאָפּעלע מצווה, משיבֿ אַבֿידה: דעם סוחר זײַן
געלט אָפּצוזוכן און אויך אַן עגונה א'", קמ,
No ,1867 12. [רייד פֿון אַן עגונה] ,,רבי קרוין,
בינדט מיך בעסער אויף, רבי! פֿינף רבנים
האָבן זיך שוין געחתמעט אויף מײַן היתּר,
די איבעריקע וואַרטן נאָר אויף אײַער חתימה",

ייִפֿאָל, 4 .24 1887, No. באַפֿרײַען, מתּיר נדר זײַן, באַפֿרײַען פֿון אַן איסור. א, עמעצן (זיך) פֿון אַ נדר. א אַ נדר. א, איסורים פֿון

דער תּורה. „דערצו קאָן מען אַ נדר א„...מתּיר נדר זײַן“, טמז, 1960 l7 XII.

5. צונויפֿבינדן, פֿאַרבינדן. א, פֿעקלעך אַלע צוזאַמען. א, עמעצן מיט דער גאַנצער חבֿרה. א, אייגענע באַגערן מיט אַ געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל. „אין יעדער צײַט און רגע א, זײַן אינעווייניקסטע מחשבֿה צו די הויכקייט פֿון השי״ת“, אור עולט, נעתק ע״י ר, יtראל ממינסק, ווילנע 1865.

אויפֿבינדן זיך — ← דפֿוו. רעפֿל — זיך אַליין באַפֿרײַען (פֿון שטריק, פּענטעס). „אַ געבונדענער קען זיך אַליין ניט א'“, שוו. „דער זויימט זיך ניט לאַנק. ער הט זיך ולוקש אויף גיבונדן“, בבֿא־בוך, 575. אוטוו — פֿון זיך ווערן לויז, זיך צעבינדן פֿון זיך אַליין. „די שטריק האָבן זיך אויפֿגעבונדן און דאָס שיפֿל איז אַוועק מיטן שטראָם“.

אויפֿבינדעכץ — דאָס, ־ן. ל2. אַקט, פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבינדן (זיך).

דאָס באַפֿרײַען.
אויפֿבינדער — דער, ־ס. ווער עס בינדט
אויף. דער א, פֿון די פּענטעס.
אויפֿבינטלען — טרוו. ־טל אויף, ~
געבינטלט. 1. צונויפֿבינטלען, צונויפֿנעמען אין
אַ בינטל. א, אויף דער לאָנקע אַ בינטל היי.
2 פֿונאַנדערנעמען. א, דאָס בינטעלע עסן און
.
נעמען אין מויל אַרײַן.

אויסבינען — טרוו. בין אויף, ~געבינען.
דיאַלעקטיש: פּר, מג. דזוו אויפֿבינדן.

אויפֿבירדן — טרוו. ביִרד אויף, ~געביִרדט.
אַרכ, דטשמ. אַרויפֿלייגן אַ יאָך, אַ משׂא. א,
עפּעס אויף עמעצן. ,,,ומזמות עלי תּחמסו,
(איובֿ, כא, 27) יש מפֿרשים אויפֿבירדן כּמו
תּעמוסו‘‘, ראָש מלין־מפֿתּח, זשיטאָמיר 1872.
אויפֿבלאָזונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿבלאָזן (זיך). 2. בּלעזל.
,,אויפֿן פֿרוכט־פֿלעכטל געפֿינט זיך אַן א'...
וואָס גיט האָניק. פֿון דער א, רוקן זיך אַרויס
צוויי זײַלכעלעך‘‘, איבּז, האָכבּערג, אָ. שמייל,
געוויקסן.
אויפֿבלאָזן — טרוו. בּלאָז אויף, ~געבּלאָזן.
1. אָנהייבּן בּלאָזן (אין אַן אינסטרומענט).
,,דש זאַך דרוזיינה...אונ, ולוקש ליש זי אויף
בּלוזן דש הורן‘‘, בּבֿא־בּוך, 129. 2.
אויפֿשפּילן, אויפֿשאַלן מיט אַ בּלאָז־אינסטרומענט.
א, די ערשטע טענער פֿון אַ מאַרש. 3.
אָנפֿילן מיט לופֿט; גרעסער מאַכן דורך בּלאָזן.
א אַ בּאַלאָן. ‘‘נון עז בּלאָזט אויף זייני בּקין

אוֹנ, בּלאָזט איין בּלאָז‘‘, 'היסט, אַלעגאָריע
פֿון ר, מאיר ש‘‘ץ, פֿירט, 1694 [ריב פֿש III].

4. מאַכן שטאַרקער דורך בּלאָזן.

פֿונאַנדער

בלאָזן. א, דאָס פֿײַער. *א, אַ סאַמאָוואַר = בלאָזן אויף די קוילן פֿון סאַמאָוואַר, דאָס פֿײַער זאָל ווערן שטאַרקער. „ער איז אַ בעלתּקיעה — ער בלאָזט אויף דעם סאַמאָוואַר אום שבת“ פֿוול. „ווען דער יצר־הרע זאָל ניט

,

געווען א, דעם כמעט אויסגעלאָשענעם פֿונק פֿון זײַן פֿײַערדיקער פֿילנדיקער נשמה“, ממוס, שלמה. א אַ פֿײַער צווישן ביידע צדדים (← ב

,

7). 5. מגזם זײַן; דערציילן, באַשרײַבן אע מער ווי די זאַך זעט אויס אין־דער־אמתן.
א, די שבֿחים. 6. אויפֿוועקן, ברענגען ווידער אין באַוועגונג, אויפֿלעבן געפֿילן אע. „עס האָט אים זייער באַנג געטאָן וואָס ער האָט אויפֿגעבלאָזן זײַנע אַלטע וואונדן“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. „דערפֿון וואָלט איך געקענט א, אַן עסק“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 7. אויפֿרעגן, אויפֿהעצן. א, דעם כעס. א אַ מחלוקת. „ווייך אָפּגעענטפֿערט קילט דעם

,

רוגז, אַ שטעכווערטל אָבער בלאָזט אויף דעם כעס„, מס, משלי תּקע“ד, טו, 1. „זיי האָבן

מוטווילִיק, מיט שלעכטן געוויסן געוואָלט...א,
אַ בילבול־דם“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אויפֿבלאָזן זיך
2. ווערן געשוואָלן. א,
— אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן
אָנגעפֿילט מיט לופֿט.
זיך פֿון הונגער. 3. אויפֿגיין, ווערן
אָנגעפּוישט, אויפֿגעיוירן. דאָס טייג האָט זיך
אויפֿגעבלאָזן. 4. זיך צעקריגן, ווערן ברוגז. א,
זיך אויף עמעצן, שפּילן אַ רוגז.
אויפֿבלאָזעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿבלאָזן (זיך).
אויפֿבלאָזער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט
זיך מיט אויפֿבלאָזן. געהילף פֿון שמיד. דער
שמיד מיט זײַן א, שטייען בײַ דער אַרבעט.
אויף בלאַט — אַדוו פֿראַזע. אומגעזעצלעך,
גניבֿהש; אויף אַ טרייפֿענעם אופֿן. נעמען,
קריגן, געבן א, ב'.
אויפֿבלאַטירן — טרוו. ־טיר אויף, ~בלאַטירט.
(וואוילִיונגעריש). אָנהייבן טאָן אויף בלאַט.

אויפֿבלייזן

-

א אַ מענטע (פּאָליציימאַן) און אַלץ זאָל זײַן

,
שאַ־שטיל.
אויפֿבלאַנקען — אוטוו. בלאַנק אויף, ~
געבלאַנקט. ווידער פֿונדאָסנײַ, מיטאַמאָל
אָן,
הייבן בלאַנקען, בליאַסקען, גלאַנצן. „עס
בלאַנקט אויף אַ נאַטור, ניט אין בּרכי־
נפֿשיסטיל געשילדערט“, פּרץ, פֿינף מגילות. „עס
האָבן אויפֿגעבלאַנקט איצט טעג ווי בלויע
העק“, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.
אויפֿבלאַסן — בלאַס אויף, ~געבלאַסט.
אוטוו — מיטאַמאָל ווערן בלאַס. „דאָס פּנים
האָט אויפֿגעבלאַסט, די הענט האָבן גענומען
ציטערן“. טרוו — מאַכן בלאַס(ער ,
אויסבלאַסן. א אַ קאָליר וואָס איז צו שרײַאיק.

,
אוי בלאָפֿן — טרוו. בלאָף אויף, ~געבלאָפֿט.
to blu1 . אַמ. איבערטרײַבן, מגזם זײַן,
כּדי עפּעס ניט־ווערטיקס זאָל אויסזען ווערטיק.
א אַן עסק. א אַ קאָרט, אַ האַנט קאָדטן.

' '

אויפֿבּלוטיקן אוטוו. ־טיק אויף, ~
גבּלוטיקט. מיטאַמאָל אָנהייבּן בּלוטיקן. „די וואָלקנס האָבּן אויפֿגעבּלוטיקט, און דער מערבֿ האָט זיך רויט צעגליט“, הר, אָדמס קינדער.

אויפֿבּלויען — בּלוי(ט) אויף, ~געבּלויט.
אומפּ, אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן (אָדער ענדגילטיק) ווערן בּלוי. ס'האָט אויפֿגעבּלויט אויף טאָג. טרוו — מיטאַמאָל מאַכן קאָנטיקער די בּלויע פֿאַרבּ פֿון עפּעס. „ווער האָט אויפֿגעבּלויט דעם הימל?“.

אויפֿבּלויען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך ווערן בּלוי. דער הימל וועט זיך ווידער א'.
א, זיך אויפֿן פֿראָסט, ווערן ווי אַ שטיק מילץ.

אויפֿבּלומען — אוטוו. בּלום אויף, ~ געבּלומט. נעאָל. אויפֿשפּראָצן ווי אַ בּלום. „די אויפֿקומענדיקע, די אויפֿבּלומענדיקע [געזעלשאַפֿטן]“, בּרידער גאַרדין, טריאומפֿעדיע, 1914.
„דאָס בּלייכע פּנים אירס האָט אויפֿגעבּלומט, זיך פֿריש צעבּלענדט“, י. ה. ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו.

אויפֿבּלי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּליִען. 2. אָנהייבּ פֿון בּליִען;

דאָס אויסשיילן זיך פֿון קנאָספּ. דער א, פֿון בלעטלעך פֿון צוויט. 3. אָנקום פֿון פֿרילינג, יוגנט, פֿון פֿונאַנדערוואוקס אע. „אַלע חנען פֿון אויסגעיעטן א'", יג, תּוך. 4 פֿיג.
... .
בולטער אַרויסווײַז פֿון טאַלאַנט, פֿעאיקייטן. וואַרטן אויפֿן פֿאָרויסגעזאָגטן א, פֿון זײַן טאַלאַנט.

אוי בליאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבליִען.

אויפֿבליאַסקען — ־קע אויף, ~געבל אַסי

קעט. אוטוו — מיטאַמאָל, אומגעריכט אָנהייבן גלאַנצן, בליאַסקען. א, אויף טאָג. טרוו — מאַכן עס זאָל אָנהייבן גלאַנצן. שײַערן, פּוצן און א, די מעשענע לײַכטער.

אויפֿבלייבן — בלײַב אויף, ~געבליבן. אַרכ.
-
בלײַבן אויף, בלײַבן וואַך, ניט שלאָפֿן. „אונד דער בחור איז נעביך אויף גבליבן דיא גאנצי נאַכט", בחורים־ליד, פֿפֿמ, 1750, [וואַכשטיינבוך].

אויפֿבלייזן — טרוו. בלייז אויף, ~געבלייזט. מיטאַמאָל אַנטבלייזן, אָנטפּלעקן נאַקעטקייט.

א, דאָס הוילע לײַבּ.

אויפֿבּלימלען

אויפֿבּלימלען — טו וו. ־מל אויף, ~ געבּלימלט. אויפֿמאָלן, אויפֿנייען בּלימלעך, בּלומען. א, אַ העמד.

אוי□ בּלינד — אַדוו פֿראַזע. ניט ווײסנדיק דעם וועג, ניט אויסגעפֿאָרשט פֿאָרויס. גײן א, בּ', אויף טראַף. גנבֿענען א, בּ, = ניט האָבּנדיק פֿריִער בּאַקוקט דאָס אָרט. "מ'בּרויך זיך ערגעץ לאָזן א, בּ', מ'איז אָן אַ גראָשן בּײַ דער נשמה", בּימקאָ, גנ□ים.

אויפֿבּלינצלען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס ־צלט אויף, ~געבּלינצלט. מיטאַמאָל אָנהייבּן בּלינצלען. עס האָבּן אויפֿגעבּלינצלט קליינע פֿײַערלעך.

אויפֿבּל□ען — אוטוו. בּלי אויף, ~געבּליט.

1. □ויפֿקומען, אָנהייבּן אַרויסצוקומען מיט בּליטן, צוויט, בּלומען. די בּיימער בּליִען אויף. „א, וו אַ ראָזע פֿון דעם מאָרגנטוי", אמד, שבעיס מאָלצײַט, ווילנע 1877. 2. זיך

באַדעקן מיט בליט, בליִעכץ, זיך באַנײַען
בליִענדיק. די גאַנצע נאַטור בליט אויף אונטער די
ערשטע פֿרילינג־שטראַלן. 3. פּלוצעם, מיטאַמ
אַרויסגעבּן בליטן. אַהרנס שטעקן האָט
אויפֿגעבליט. „ס'זאָל קומען דײַן הילף, דער שטעקן
זאָל א'“, פּרץ, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.
4. זיך אָנהייבּן שיין אַנטוויקלען פֿיזיש.
„ס'האָט אויפֿגעבליט אַ שלאַנק מיידל“, יהואָש.
5. דאָס זעלביקע — גײַסטיק. „איר טאַלאַנט
האָט רײַך אויפֿגעבליט„, מוק, טעאַטער און
ייִדיש טעאַטער. 6 פּיג, לויט ב1. אויפֿקומען.

.

„גאָטעניו, ווען וועט א, מײַן מזל?“.
אויפֿבליץ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿבליצן. „אַן א, אָן רעגן אין אַ זומערנאַכט„,
ימ, צוויי רעפּעראַטן. 2. שײַן אויף אַ
קורצער ווײַלע. „געמאָסטן איז דאָס זײַן פֿון אַלע
זאַכן ווי דער א, פֿון אַ פֿײַערפֿליג“, אַל.
3. אויפֿקום פֿון אַ העלער שײַן. אַן א, פֿון
אַ ראַקעט(ע). 4. אומגעריכטע, מיטאַמאָליקע
אַנטפּלעקונג, פּלוצעמדיקער אויפֿקום פֿון אַן
אידיי(ע). „...געזוכט אַרויסצוברענגען אַ שאַרפֿן
געדאַנק, אַ וואָרטשפּיל, אַן א'„, ייִש, פֿון
אונדזער אוצר. „צו יעדן ייִדישן וואָרט

צוגעגאַנגען ווי צו אַ לעבעדיקן וועזן...
אויפֿגעציטערט פֿאַר יעדן אויפֿשײַן, פֿאַר יעדן א'", הל.
אויפֿבליצן — אוטוו. בליץ אויף, ~געבליצט.
1. אומפּ. מיטאַמאָל, אומגעריכט אָנהייבן בליצן; אַ בליץ טאָן. „עס האָט אויפֿגעבליצט, אָבער קיין דונער איז ניט געקומען". 2. אויפֿשײַנען גיך, אומגעריכט. די ערשטע שטערן בליצן אויף. 3. אויפֿקומען מיט העלער שײַן. „אַ ראַקעטע האָט אויפֿגעבליצט און גלײַך גענומען זיך לעשן". 4. פֿיג. (וועגן געדאַנק, אײַנפֿאַל) אויפֿקומען מיטאַמאָל, פּלוצעם זיך אַנטפּלעקן. „אין דעם אויגנבליק האָט ב ◻ אַלע
י
גלײַך אין די מוחות אויפֿגעבליצט", ווײַס, 'קליינע שטעטלעך'. „שטענדיק אַזוי, ווען בײַ אים בליצט אויף אַ געדאַנק אין קאָפּ", בערג, בײַם דניעפּער 5 .I. פֿיג. מאַכן אײַנדרוק פֿון בליץ. אויפֿשײַנען מיט פֿיזישע אָדער גײַסטיקע אייגנש ◻ פֿטן. איר שיינקייט בליצט אויף פֿאַר אינדזערע אויגן. א, מיט טאַלאַנט. „עס האָט איר אויג מיט חלף אויפֿגעבליצט",

י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל. 6.
מאַכן שטאַרקן אײַנדרוק ד▯רך אַרויסווײַזן שאַרפֿקייט פֿון מדח, אומגעריכטע געדאַנקען. ער האָט אויפֿגעבליצט פֿאַר אונדז מיט זײַן נײַער שיטה.

אויפֿבליקן — אוטוו. בליק אויף, ~געבליקט. נעאָל. וואַרפֿן בליק(ן) אויף אַרויף. „און נאָך ...אַלע דײַנע זנותן בליקסטו אויף צו הויכער אומשולד“, צײַט, מטטרון.

אויפֿבלישטשען — אוטוו. ־טשע אויף, ~געבלישטשעט. אויפֿשײַנען, אויפֿגלאַנצן. די אויגן בלישטשען אויף. „זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוינע פֿײַערלעך א, אין זײַנע אויגן“, ווײַס, 'אַ חתן ווערן'. „...האָבן זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז, געזען ווי ווײַטע שטערן בלישטשען אויף“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.

אויפֿבלעזלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבלעזלען. „די א, פֿון אַ טענדענץ“, יג.

אויפֿבלעזלען — טרוו. ־זל אויף, ~געבלעזלט. מאַכן עס זאָל אויפֿקומען בלעזלעך, בלאָזן. מיטאַמאָל אויפֿרודערן. א, וואַסער. “

אויפֿגעבלעזלט אַלע פֿאַרלעגענע געוועגטער", זש.

אויפֿבלעזלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ‎ יך באַוויַיזן, אויפֿקומען אין פֿאָרעם פֿון (מיט) בלעזלעך. דאָס וואַסער קאָכט און בלעזלט ז ך אויף.

אויפֿבלעטערן — ־ער אויף, ~געבלעטערט. אוטוו — אויפֿגרינען, באַוויַיזן זיך מיט בלעטער. „די ביימער האָבן אויפֿגעבלעטערט ווי איבערנאַכט". טרוו — 1. אויפֿמישן אַ בלאַט (בלעטער) אין אַ בוך. א, דעם חומש אויף דער סדרה פֿון דער וואָך. א, דעם ווערטערבוך צו געפֿינען דעם באַטיַיט פֿון אַן אומבאַקאַנט וואָרט. „אויפֿגעבלעטערט האָט דאָס ווינטל אַן ערינערונג אין האַרצן, אויפֿגעבלעטערט און פֿאַרבלעטערט„, סעג, לירישע לידער. 2. וועלגערן אויף דער גיך. א, אַ בלאַט לאָקשן.

אויפֿבלעטערן זיך — אוטוו ← דפֿוו. זיך אויפֿעפֿענען אויף אַ בלאַט (ווען עס קומט פֿאָר אָן בכּיוונדיקן פלאַן, צוועק). זיך א, אויף לייוויקס אַ ליד.

אויפֿבלענדן — אוטוו. בלענד אויף, ~ געבלענדט. נעאָל. העל, שאַרף אויפֿשיַינען אַזש ביז צום פֿאַרבלענדן. „די פֿרייד האָט

אויפֿגעבלענדט און איז צערונען,,, נפֿתּלי גראָט.
אויפֿבלעקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
געבלעקעט. פֿלוצלינג אָנהייבן בלעקען, אַרויסגעבן
קלאַנגען (וועגן שאַף). שאָף אין די שטאַלן
ה כן אויפֿגעבלעקעט.

-

אויסבעבען — ־בע אויף, ~געבעבעט. אוטוו
— פֿלוצלינג (פֿונדאָסניִ) אָנהייבן בעבען, רעדן
אומקלאַר. טרוו — דורך קלאַנגען, ענלעכע צו
בע־בע, מיטאַמאָל עפּעס אַרויסברענגען. א,
א בקשהלע.

אויפֿבעזעמען — טרוו. ־עם אויף, ~
געבעזעמט. צ נויפֿקערן אינאיינעם מיט אַ
בעזעם. א, דאָס מיסט.
אויפֿבעטלען — טרוו. בעטל אריף, ,—..,
געבעטלט. צונויפֿבעטלען, צונויפֿקלײַבן נדבֿות

אויפֿבערגן

דורך בּעטלען. א, גראָשנס. דורכן טאָג א, אַ גאַנצן קערבּל.

▯

אויסבּעטן 1 — טרוו. בּעט אויף, ~געבּעטן. פֿאַרלאַנגען אַ צו הויכן פּרײַז. א, און אויפֿזינגען אַ פּרײַז, אַז ס'זאָל פֿאַרגיין דער חשק צו קויפֿן. [לאַנגע ע אין דרומדיקע דד.]

-

אויסבּעטן 11 — טרוו. בּעט אויף, ~געבּעט. 1. צוגרייטן דאָס געלעגער צום שלאָפֿן; אויסבּעטן. א, דאָס בּעט, מאַכן נאַכט. „דאָ האָט זי אויף גיבּעט זיבּן בּעט מיט אייטל זילבּר אונ נאָך איין בּעט דאש וואַר פֿון אייטל גאָלד“, לט1, 2/20. 2. צובּעטן, פֿאַרבּעטן, צוראַמען, פֿאַרדעקן דאָס געלעגער נאָכן שלאָפֿן. „און בּעטן זענען געווען אויפֿגעבּעט, דאָס שטיבּל צוגעראַמט“, אַש. “...מיט איבּערגעשראָקענע אויגן איז [זי]...אַרײַנגעלאָפֿן...און זיך אַוועקגעשטעלט א, די געלעגערס“, אָפּאַ, 'פּרענסיס'.

-

אויסבּעטערין — די, ־ס. די וואָס פֿאַרנעמט ז □ן. מיט אויפֿבּעטן I □.
י

אויסבּעטשען — אוטוו. ־טשע אויף, ~ג□יבּעטשעט. פּלוצלינג (פֿונדאָסנײַ) בּעטשען, אַרויסלאָזן קלאַנגען (וועגן ציגן, שאָף). אַ ציג האָט אויפֿגעבּעטשעט אונטערן פֿענצטער.

אויפֿבּעל־הבּתעווען — [...בּאַלעבּאַטעווע□ I טרוו. בּעל־הבּתּעווע אויף, ~געבּעל־הבּתעוועט. אויפֿטאָן עפּעס דורך בּעל־הבּתּעווען. איר. א, אַ ווירטשאַפֿט אַז מע זאָל נאָך דעם בּאַדאַרפֿן גיין איבּער די הײַזער.

אויפֿבּעלעבּעטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~געבּעלעבּעטשעט. 1. אויפֿפּלאָנטערן, צונויפֿפּלאָנטערן. 2. צונויפֿפּלוידערן. א, שטותים, דער גוטער יאָר ווייס עס. 3. צונויפֿמישן ווי ניט איז. א, אַ קאַקי־פּיצי, מע זאָל ניט קענען נעמען אין מויל אַרײַן.

□

אויסבּענקען — אוטוו. בּענק אויף, ~ געבּענקט. בּענקען צו (נאַך) עפּעס וואָס איז

דערהויבן. „מיד צום טויט פֿון דײַנע מאָרדן, פֿון דײַנע זנותן, וועסטו... א, צו רותן“, צײַט, מטטדון.

-

אויסבעסערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿבעסערן. די א, פֿון דער אַרבעט.

▯

אויסבעסערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געבעסערט. אויך מיט ז י ך. מיסאַמאָל (פֿונדאָסנײַ) מאַכן בעסער. א, די אויפֿפֿירונג.
אויפֿבעסערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָנהייבן אויסזען אָדער זיך פֿילן בעסער, געזינטער. א, זיך נאָך אַ קרענק.

-

אויסבעקען — ־קע אויף, ~געבעקעט. אוטוו — פּלוצלינג (מיטאַמאָל, פֿונדאָסנײַ) בעקען, אַרויסגעבן קלאַנגען (ווען ציגן). טרוו — דזוו אויפֿבעבען, טרוו ←.
אויפֿבערגלען — טרוו. ־גל אויף, ~

געבערגלט. ווב, ראָכקינד־שקליאַר. צ□נויפֿשיטן
אויף איין אָרט, ס'זאָל אויפֿהייבן זיך ווי אַ
בערגל. א, שטיינער.

אויפֿבערגלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסשטאַרצן ווי אַ בערגל. אָנזאַמלען זיך, אָנשיטן
זיך אין אַ בערגל. „דער קבֿר האָט זיך
אויפֿגעבערגלט“, העשעלעס.

□

אויסבערגן — טרוו. בערג אריף, ~געבערגט.
נעאָל. נר. אויפֿשיטן עס זאָל ווערן אַ באַרג.

□

אויפֿבערען

„ביז מענטשנביינער־באַרג וועט א, דעם טאָל„,
א. י. קריזאָווסקי, 92O□.

□

אויסבערען — טרוו. ־רע אויף, ~געבערעט.

אוקר, מג. דזוו אויפֿבורען ←. „דאָס בוך
האָט אויפֿגעבערעט אַלע פּריצים“, יפּ.
אויסבערשטלען — טרוו. ־טל אויף, ~
געבערשטלט. אויך: ~בערשטן. 1.
אויפפּוצן מיט אַ בערשטל (באַרשט). א, אַ מלבוש.
2. אַרויפֿבערשטלען. א, די האָר אַרויף.
אויסבראָדזשען — אוטוו. —דזשע אויף,
~געבראָדזשעט. אוקר. סל. אויפֿיורן. דאָס
טייג בראָדזשעט אויף.

אויסבראַזגען — ־גע אויף, ~געבראַזגעט.
אוטוו — אַרויסקומען מיט אַ בראַזג;
אויפֿקנאַלן. ס'האָבן אויפֿגעבראַזגעט
אַרויסגעהאַקטע פֿענצטער. טרוו — אויפֿברעכן מיט אַ
בראַזגערײַ. מיט אַ שטיק אײַזן א אַ שלאָס.

,

אויסבראָטן — טרוו. בראָט אויף, ~געבראָטן.
1. בראָטן אויף גיך, אַ קורצע צײַט. 2.

אויפֿפֿרישן דורך (צו)בראָטן. 3 פֿאַרענדיקן

בראָטן. א אַן עוף, עטלעכע קאַרטאָפֿל.

אויסבראָטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (אָן באַזונדערער באַמיאונג) ווערן אויפֿגעבראָטן. ,,חבֿרה, די קאַרטאָפֿל האָבן זיך שוין אויפֿגעבראָטן, לאָמיר זיך נעמען צו זיי, כּל־זמן זיי זײַנען הייס“.

אויסבראָיען — טרוו. ־יע אויף, ~געבראָיעט. פֿד, אוקר. אויפֿהעצן, אויפֿרייצן, אויפֿבונטעווען. א, דעם פֿינצטערן המון.

אויפֿבראָיער — דער, ־ס. ל2. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿבראָיען. דער א, פֿון אַ מחלוקת פֿון אַ געשלעג. אַדי. ־יש.

אויסבראָך — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿבּרעכן. דער א, פֿון דער
פֿײַערקאַסע איז געווען אַ פֿײַן שטיקל אַרבּעט. ,,מען
האָט די וואָך געוואָלט בּײַ איר אין געשעפֿט
מאַכן אַן א'‘, ווײַס, ,דער איבּערגאַנג'.
אויפֿבּראָנ(ד)זן — טרוו. בּראָנ(ד)ז אויף,
~געבּראָנ(ד)זט. בּאַדעקן, בּאַפֿאַרבּן מיט
בּראָנדז און דורכדעם אויפֿפֿרישן. א, דעם
הענגלאָמפּ.
אויפֿבּראַנדעווען — ־עווע אויף, ~
געבּראַנדעוועט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן
בּראַנדעווען; זיך היצן; ווערן אַ בּריה, אַ בּראַנד;
אַרבּעטן גיך און געראָטן. טרוו — אויפֿטאַן
דורך בּראַנדעווען. א, אין אַ האַלבּער שעה אַ
וועטשערע פֿאַר אַ גאַנצער כאַליאַסטרע.
אויפֿבּראָנעווען — ← אויפֿבּ(אָ)ראָנעווען.
אויפֿבּראָקן — טרוו. בּראָק אויף, ~געבּראָקט.
מאַכן אין פֿאָרעם פֿון בּרעקלעך און
אויפֿשיטן, אַרײַנשיטן. א, האַרטע שטיקלעך בּרויט.
א, די יויך מיט פּענעצלעך. א, די שבּתדיקע
יויך.
אויפֿבּר▯גזן — [...בּרוי'געזן] טרוו. בּרוגז אויף,
~געבּרוגזט. אַרײַנבּרענגען עמעצן אין אַ
בּרוגז, מאַכן אין כּעס. א, אַ חבֿרטע מיט
שטעכווערטלעך. א, די שוויגער אויף דער

שנדר.

אויפֿבר▯גזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן ברוגז (בײַבאַטײַט: נאָר אין א קלײנער מאָס אַדער איבער אַ נישטיקער סיבה).

אויפֿברודיקן — טרוו. ־דיק אויף, ~

גע1()4

ברודיקט. מאַכן ברודיק, שמוציק, פֿון אויבן. א, דעם קאָלנער פֿון העמד.

אויפֿברודיקן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.

2. אוטוו. אָן סיבה אָדער כּוונה ווערן ברודיק.

א, זיך, אַז מע זאָל ניט אַרויסזען קײן לעבעדיק שטיקל פּנים.

▯

אויסברויז — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿברויזן. "אין א, פֿונעם הייוון די ברויטן שפּאַרן צו דער קײַלעכדיקסטער הייך,,, הל. 2. אויפֿרודער, אויסבראָך; אויפֿשטאַנד, רעוואָלט. "שוין ווידער א', נײַע בונטן?,,, קוסמאַן, נארבונד. ,,אין סאַמע זאָט פֿון מאָראַלישן א'", ש. ביקל, טמז, 15 1957 IX.

אויפֿברויזיק — אדי. דרייזין. 1. וואָס איז

אין אויפֿבּרויז אָדער איז פֿעאיק, קאַפּאַבּל אויפֿצובּרויזן. 2. היציק, אויפֿרייצעוודיק, אויפֿשטורעמדיק.

□

אויסבּרויזן — בּרויז אויף, ~געבּרויזט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג ווערן קאָכיק, אויפֿגעקאָכט, שטורעמדיק. דער ים בּרויזט אויף אין געוויטער. 2. אַרויפֿקומען מיט בלעזלעך. סאָדע־וואַסער בּרויזט אויף. דאָס טייג בּײַם אויוון גייט אויף, בּרויזט אויף. 3. ווערן שטאַרק אין כּעס, צאָרנדיק. א, פֿון כּעס. די געפֿילן בּרויזן אויף. טרוו — מאַכן עס זאָל בּרויזן. א, עמעצנס צאָרן. דער ווינט בּ□ויזט אויף דעם ים.

אויסבּרוינען — טרוו. בּרוין אויף, ~ געבּרוינט. 1. מאַכן אַ בּיסל (אָדער פֿון אויבן) בּרוין. 2. אויפֿפֿרישן דורך (צו)בּרוינען.

אויפֿבּרוינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. רעפֿל. 2. אוטוו — אָן אַ כּיוון ווערן בּרוין, בּרוינלעך. א, זיך אויף דער זון. [די דוגמא פֿאַר בּיידע בּבֿ].

אויפֿבּרויען — טרוו. בּרוי(ע) אויף, ~ געבּרוי(ע)ט. 1. דזוו אויפֿבּראָיען ←. 2. דזוו

אויפֿבּרײַען ←.

אויפֿבּרוך — דער, ־ן. 1. דזוו אויפֿבּראָך ←.
2. דאָס אויפֿאַקערן צום ערשטן מאָל ערד. וואָס
איז קיינמאָל ניט באַאַרבעט געוואָרן. א, פֿון
רויערד.

אויפֿבּרומבּל — טרוו ־ אויף, ~ג
ען .

-

בּרומבּלט. אויך: ~בּרומ ען. מיטאַמאָ
אָנהייבּן זינגען אין דער שטיל,
אונטערבּרומענדיק. א, אונטער דער נאָז אַ ניגונדל.

אויפֿבּרומען — בּרום אויף, ~געבּרומט.
אוטוו — פֿלוצלינג, מיטאַמאָל (אויס)בּרומען
(געוויינטלעך הויך). וואַלד־חיות בּרומען אויף.
,,האָט ווידער פֿײַל און בויגן אויפֿגעבּרומט
אין עשׂוס האַנט“, הר, אָדמס קינדער. טרוו
— עפּעס אויסדריקן דורך קלאַנגען וואָס
דערמאַנען אין בּרומען. א אַ גאַנצע טענה.

,

-

אויסבּרוקען — ־קע אויף, ~געבּרוקעט.
אויך: ~מרוקען. אוטוו — מיטאַמאָל
אָנהייבּן ארויסגעבּן קלאַנגען (וועגן טויבּן). טרוו
— דורך טויבּן־ענלעכע קלאַנגען עפּעס
אויפֿזינגען אַדער אויסדריקן. א, אַ צערטלעכן ניגון.
אויפֿבּרידז(י)ען, ־דזשען — אומפּ עס
בּרידז(י)עט, ־דזשעט אויף; עס האָט ~
געבּרידז(י)עט, ־דזשעט. (וועגן געפֿיל פֿון עקל)
אויפֿקומען. עס בּרידזעט אויף פֿון אַזעלכע
שמאַטעט.

-

אויפּבּרעכונג

-

אויסבּרידערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּרידערן זיך.

אויסבּרידערן זיך — קזו□. ־ער זיך אויף, זיך ~געבּרידערט. ווערן צווישן זיך ווי בּרידער, גאָר נאָענטע פֿרײַנד. „וועלן זיך אויך פֿעלקער א, און עס וועט זײַן אויס מלחמות?“.

אויסבּריה(נע)ן — [...בּע'ריע(נע)ן] טר□ו. בּריה אויף, ~געבּריהט. אויפֿטאָן עפּעס מיט בּריהשקייט, מיט זײַן אַ בּריה (איר בּײַטעם). אױ־וואַ, וואָס זי בּריהט דאָ אויף!

אויפֿבּריה(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווידער, מיטאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אַרויסווײַזן בּריהשקייט. „פֿיל אזוני טעכטער האָבּן זיך אויף געבּריעט... [טײַטש אויף 'רבּות בּנות עשו חייל']“, מס, משלי תקע״ד, לא, 29. „אַ שלומפּער בּריהט זיך אדיף פֿאַר ליכט־בּענטשן“, פֿוול.

□

אויסבּריזגען — טרוו. ־גע אויף, ~ געבּריזגעט. סל. אויפֿשפּריצן. א, וואַסער אויף די

הענט.

▯

אויסבּרייטן — טרוו. בּרייט אויף, ~
גבּרייט פַטמ. דזוו אויפֿגרייטן ←, צוגרייטן.
.

▯

אויסבּרײַען — טרוו. בּרײַ אויף, ~געבּרײַט.
[אין פּר, אוקר: בּרײַע, ~געבּרײַעט]. 1.
פֿאַרטיק מאַכן געטראַנק דורך פֿערמענטירן. א,
מעד, בּיר. 2. פֿיג. פּרוּוון אויפֿװײַזן עפּעס
מיט אַ סך רייד. צונויפֿמישן פֿאַרשיידענע
ענינים. א, אַ גאַנצע קאַשע. א, אַן ענין.
אויפֿבּריל — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿבּרילן.
דער א, פֿון אַ לייבּ פֿון ווינט.

,
אויפֿבּרילן — אוטוו. בּריל אויף, ~געבּרילט.
1. פּלוצלינג אָנהייבּן בּרילן. די וואַלד־חיות
בּרילן אויף אין דער נאַכט. 2. אויפֿגעהיצט,

שטאַרק אויפֿגערעגט ווערן (ווי אַ לייבּ וואָס נעמט בּרילן). "זיך מערנישט געקאָנט בּאַ הערשן... אַלץ אין אים האָט אויפֿגעבּרילט", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. 3. אַרײַנפֿאַלן אין בּאַגײַסטערונג, זיך פֿילן שטאַרק דערהויבּן (אַזש גרייט זײַן צו בּרילן ווי אַ לייבּ). „די נשמה וואָלט דאָך אויפֿגעבּרילט פֿון גרויס מתיקות", ייִש.

אויפֿבּר עכץ — דאָס (די), ־ן, ־ער. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּריִען.

אויסבּר ען — בּרי אויף, ~געבּריס. אוטוו (אויך מיט ז י ך) — קומען צום פּונקט פֿון זידן, אויפֿקאָכן זיך. די מילך האָט שוין אויפֿגעבּריט. טרוו — 1. אויפֿקאָכן, אויפֿזידן. זי וועט א, מילך. 2. פֿאַרבּריִען. א, טיי.

אויפֿבּריקען — טרוו. ־קע אויף, ~געבּריקעט. אויפֿעפֿענען דורך בּריקען מיט די פֿיס; אויפֿהייבּן בּריקענדיק. א, די דעקע.

אויפֿבּרעדיען — ־דיע אויף, ~געבּרעדיעט. אויך: ~בּרעדזיען. סל. אוטוו —

מיטאַמאָל אָנהייבן רעדן פֿון היץ. טרוו — דורך רעדן פֿון היץ עפּעס אַרויסבּרענגען. א, עפּעס נישט־געשטויגנס.

אויפֿבּרעך — דער, ־ן. 1. דזוו אויפֿבּראָך←. 2. (בּאָטאניק) אַרויסוואַרקס פֿון מיטן אַ שטאַם אַדער א צווײַג.

אויסבּרעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּרעכן. די א, פֿון אײַז

אויפֿבּרעכן

אויפֿן טײַך. לעבּן דער א, איז געשטאַנען אַ שמירה.

אויסבּרעכן — טרוו. בּרעך אויף, ~געבּראָכן. 1. אויפֿעפֿענען מיט כּוח (מיט איגסטרומענטן,

מכשירים). א, אַ שלאָס; די טיר. „ולוקש היש
ער בּרענגן צוואַנג און, האמר און, מיט
גיוואלט בּראָך ער אויף [אַרכ פֿ פֿון פֿצ] די
קאמר“, בּבא־בּוך, 353. „זיא גיט איין היים
אַן הייליגן (שבּת) און, בּרעכיט אירם פֿאטיר
דיא קישט אויף“, ספֿר מע▯ה נסים [אַווע III].
[גלייבּעכץ: ווען אַ גסיסה פֿאַרציט זיך זייער
לאַנג, זאָל מען א אַ לאָך אין בּאַלקן, דער
מלאך־המות זאָל האָבּן אַ וועג צום גוסס].
2. אויפֿרײַסן וואָס איז פֿאַרקלעפּט אָדער
פֿאַרחתמעט. „...זאַך דש זיין חותם נאָך גאַנץ
וויש [= איז געווען], און, בּראך עש ווידר
אויף“, כּ״י, 'איין מעשׂה בֿון שלמה המלך',
1570 [וואַכשטיין־בּוך]. „האָט ער דאַך ניקש
דערפֿין שרייבּין דען אַל זייני כּתבֿים אויף
גיבּראכין ווארין“, גה, 162. „פֿרעמדי בּריבֿ
אויף צו בּרעכין און, לייאנין טונין פֿיל לײַטין
און, גדענקין ניט אַן דעם חרם פֿון לאַנגי
צײַטין“, ע)ה II.
3. אויפֿעפֿענען בּכלל (גרינג, אָן כּוח). א,
דאָס בּרייטל און געפֿינען אַ צעטעלע. „האָסטו
אָנגערירט די כּלים...און זיי אויפֿגעבּראָכן צו
אַנטפּלעקן נײַגעבּורט“, הל, טרעבּלינקע.

4. אויפֿאַקערן. א, דעם באָדן, א, רויערד.
5. אויפֿדעקן, אָנהייבן עפּעס (וואָס בינדט זיך מיט א'). א, אַ נײַעם וועג. „...גאָר געווען רעפֿאָרמאַטאָרן און האָבן גאָר געוואָלט א אַ
,

שיטה חדשה אין ייִדנטום“, יודישער פֿאַרפּטח, וואַרשע 1881.
6. סתּם אָנהייבן עפּעס (וואָס בינדט זיך מיט באַוועגן זיך פֿרײַ). „...און דערמיט האָב איך מיך באַנוצט אַלץ מער אויפֿצובּרעכן אַן אָפֿענעם שמועס מיט זיי“, ייִל, פּוילישע ייִנגל.
7. איבּעררײַסן; פֿאַרענדיקן. דטשמ. „'לאָמיר א, [די מסיבּה],. ער שרײַט... ,זײַט געזונט'“, קאַלמוט, זעלטענער בּרית, וואַרשע 1882.
8. פּורץ גדר זיין, איבּעררײַסן מיטן (אַרויסטרעטן קעגן) אַלטפֿרענקישן שטייגער לעבּן. „איטלעכער האָט מורא אויפֿצובּרעכן, ער איז געבּונדן מיט פּרנסה“, צעד.

▯

אויפֿבּרעכן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. בּרעכט אויף, ~געבּראָכן. 1. אויפֿגיין אויף טאָג.

דער מאָרגנשטערן, די זון ברעכט אויף. [אַזוי
ווי דער באַגינען וואָלט א', טרוו, די נאַכט].
"דערוויל האָט אויפֿגעבראָכן דער
מאָרגנשטערן", אַש, משה. „דער מזרח ברעכט אויף
ווי אין פֿעלדזן אַ קוואַל", חג, פּליטים.
2. (גאַליציע) אָנהייבן מאַרשירן פֿאָרויס (וועגן
מיליטער, גימנאַסטיק). [אַזוי ווי דער אָנהייב
פֿון מאַרש וואָלט א„ טרוו, די שטייעדיקע
רייען]. „עס דערהערט זיך דער באַפֿעל און דאָס
מיליטער ברעכט אויף". 3. אויסברעכן (וועגן
מלחמה, קריגערייען). „....ברעכן אָפּט אויף
שרעקלעכע מחלוקת", ייִפּאָל, 39 1885, No.
4. סתּם זיך אויפֿעפֿענען. דטש מ. „די קנאָספּן
ברעכן שוין אויף„. ← אויפֿברעכן זיך, ב 2.

--
אויסברעכן זיך — אוטוו. ברעך זיך אויף,
זיך ~געבראָכן. 1. ווערן אויפֿגעבראָכן אָן

גרעסערער אָנשטרענגונג. „ביים ערשטן צי

האָט די טיר זיך אויפֿגעבראָכן“. 2. עפֿענען זיך (אָן אָנווענדן כּוח מצד עמעצן). די קנאָספּן ברעכן זיך אויף.

-

אויסברעכעניש — דאָס (די), ־ן. ( ) געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿברעכן.

אויסברעכער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס ברעכט אויף. אַן א, פֿון פֿײַערקאַסעס.

אויסברעמזען — טרוו. ־זע אויף, ~ געברעמזעט. אויפֿרימפּלען ←. א אַ ניגון ווי געזעגט

,

מיט אַ זעג.

אויסבּרענגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿבּרענגען.

אויסבּרענגעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויפֿבּרענגונג, אויפֿבּרענגעניש (אויך מיט פּעיאָ בּײַטעם).

אויסבּרענגען — טרוו. בּרענג אויף, ~ געבּראַכט, ~געבּרענגט (פּד). 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָדער פֿונדאָסנײַ פֿירבּרענגען, אַרײַנבּרענגען (אין אַ שמועס). „וואָס האָט ער אויפֿגעבּראַכט די קיצלדיקע טעמע?„, רייד. א, אַן אַלטע מעשׂה. *א אַ שידוך — פֿאָרלייגן,

—

פֿאָרשלאָגן אַ שידוך. „געפֿלוכט און אויסגעוואָרצלט דעם שדכן וואָס האָט גאָר דעם שידוך אויפֿגעבּראַכט“, יודישער פֿאַר־פּסח.
2. בּרענגען העכער, אַרויפֿבּרענגען,

אַרויפֿפֿירן. „גאָט ברוך הוא האָט מיך געוואָלט
א, אין די הויכע הימלען אַרײַן, האָט ער
מיר פֿריִער געשיקט דעם שׂר ענפּיאל און האָט
מיך צוגענומען פֿון דור אנוש„, קה, ב, 90.

3. אַרויפֿברענגען אויף דער אייבערפֿלאַך
פֿון דער ערד וואָס איז אונטן. „נון בראכט
דער מינך פֿון אונטן אויף איין גרוש קוואַל
וואשיר, דער שוס אויש דער ערדן“, איין שין
וואונדערליך מעע)ה..., פֿירט 1694 [ריבֿ, הש
III]. “דערנאָך האָט אונקלוס אויפֿגעבראַכט...
בלעם מיט דעם כישוף פֿון אובֿ“, מהמ, ב,
כא.

4. אַרויפֿברענגען אין באַוואוסטזײַן וואָס
איז פֿאַרגעסן, דערשטיקט. א, אין זכרון. א, די
גאָר פֿאַרשטויסענע געדאַנקען. *א, אויפֿן
האַרץ (האַרצן) = טראַכטן וועגן עפּעס,
באַגערן. „די זאַכן... וואָס זענען פֿאַרבאָטן, מע
זאָל זיי ניט א, אויף דעם האַרץ — זאָגט ער:
דו זאָלסט ניט גלוסטן דאָס ווײַב פֿון דײַן
חבֿר‎, חה, 14. „א, אונטערטעניקייט [און]
באטראַכטן די גרויסקייט פֿון גאָט ברוך הוא“,
איבֿז מקורי מנהגים, ווילנע 1873.

5. פֿירן, ברענגען קיין ארץ־ישׂראל (
ירושלים). „דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען

אָן איַך, זאָלט איר א, מיַינע ביינער פֿון
דאַנען,,, תּי, בּראשית, נ. 50. ,,די חכמים זאָגן:
ער בּרענגט אויף די פּירות און עסט זיי אין
ירושלים‘‘, זרעים, כו/1. ‘‘וואָרעם דער
דאָזיקער מאַן משה האָט אונדז אויפֿגעבּראַכט פֿון
לאַנד מצרים‘‘, אַש, משה. [בּכלל שטענדיק טוו
פֿאַר 'עלה!', 'העלה'].
6. בּרענגען פֿאַר אַ קרבּן. א, צו גאָט, א,
אין רויך, אין פֿיַיער (בּאַזונדער ווען עס רעדט
זיך וועגן קרבּן עולה). 'והעלהו שם לעלה,
(בּראשית, כב, 2) פֿאַרטיַיטשט מש: ,,און,

אויפֿבּרענגעניש

בּרענגט אים אויף‘‘, און אויך אַנדערע, אויך תּי.
7. בּרענגען פֿאַר אַ העכערן, פֿאַר אַ
הערשער פֿאַרן בּית־דין (געריכט). א, עמעצן
,
צו (פֿאַר) דעם שׂררה, צו (פֿאַר) אַ משפּט.
,,איידער מע לאָזט אים [דעם נפֿטר] אַריַין
אין דער מחיצה פֿון די צדיקים, בּרענגט מען
אים פֿרִיער אויף לדין פֿאַר דער מתיבֿתּא
דרקיע‘‘, נוצ 225 ,I.

8. דערהייבן, ברענגען העכער גײַסטיק. א, צו אַ העכערער מדרגה. „עס איז אים וואוילגעפעלן די ווערק וואָס דער זריז האָט געטאָן, און האָט אים גענומען צו זיך און האָט אים אויפגעבראַכט צו דער מעלה פון זײַנע געליבטע לײַט", חה, 57. "דעם עסן...א, פון דומם און צומח און חי בלתי מדבר צו דער מדרגה פון אָדם חי מדבר", אור עולם, נעתק ע"י ר, ישׂראל ממינסק, ווילנע 1865.

9. אויפציִען, דערציִען; אויפכאָוועןן, אויפהאָדעווען. „המילדות און, אלי ווײַבר ניט אַנדרשט גימיינט דאז מאַן דאז קינד ווערט ניט קענין אויף ברענגין", גה, 168. „מיר האָבן אויפגעבראַכט אַלע אונדזערע קינדער, זאָלן געזונט זײַן", רייד (פאַרצייכנט אין א"י). „ זייער אײַנשטעל איז געווען אויפצוברענגען אַ דור וואָס זאָל אינגאַנצן זײַן אויסגעטאָן פון גלות", אפּא, געטראַכט מיט עברי־טײַטש.

10. ברענגען פון איין צושטאַנד אין אַ צווייטן (העכערן, בעסערן). א, פון פאַרחלומטקייט פון עצבות. „און אַ קול דממה דקה האָט גערופן און געגלעט אים, ווי אויפגעבראַכט פון הינערפלעט אים", אלף כץ, חלוס עליכם.

11. אַרויסבּרענגען; אַרויסשיקן.

פֿאַר

שפּרייטן. א, אַ קלאַנג, אַ שם־רע. „און, איך ווייש ניט, ווער דאש קול האָט אויף גיבּראכט“, שו“ת מהרש“ל, 1599 [הש]. „דז מיינט דז קיינר קיינס קיין שם רע ניט טאָר אויף בּרענגן“, לט 1, 1/4. „דו, גאָט, זאָלסט א, אַ רפֿואה צו די וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן פֿון ארץ־ישׂראל„, קרבּן אַהרן, מחזור יו„הכּ, ווילנע, תּרכ“ח.

12. צוניפֿבּרענגען, צוניפֿנעמען, צוניפֿקלײַבּן. „נאָר אַזאַ רעדנער האָט געקענט א, אַזאַ גרויסן עולם“, רייד. „דא זיין דיא ג, נאמנים מחויבֿ... געלט אויף בּרענגין, דז זיא ניט גיזוימט וערן מיט אירן פּרשון“, תּקק. „ער און מיגליך [= וממיגלעך] ניט האָט קענין בּ, אלפֿי, ר“ט [= רײַכסטאָלער] אויף בּרענגין“, גה, 113. *א, אַ וואַנט מיט אַ וואַנט = א) צוניפֿנעמען ענינים וואָס פּאַסן זיך ניט; בּ) רעדן ניט קיין פּאַסיקן שידוך; ג) צוניפֿמעקלערן (וועגן סחורה פֿון דער ווײַט, וועגן צדדים וואָס קענען זיך ניט).

13. (אויסטראַכטן און) אײַנפֿירן. א, אַ נײַע מאָדע, אַן אַנדער פֿאַסאָן.

14. (איצ, אימפּ — זן.) דערפֿירן צו כּעס, אויפֿרעגן; דערצערנען. ער האָט מיך אַזוי אויפֿגעבראַכט אַז איך האָב ממש געציטערט. „דאָס מאָל האָט אים די מעשׂה מיט איר אַ שרעק אויפֿגעבראַכט אויף מיר“, ממוס, קליאַטשע.

אויסברענגעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿברענגען.

אויפֿברענגער

אויסבּרענגער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס ברענגט אויף. דער א, פֿון אַ דור
צדיקים.
אויסבּרענגערײַ — דאָס & די, ־ען. (מצ, זן).
1. פּראָצעס פֿון אויפֿבּרענגען; טואונג פֿון
אויפֿבּרענגער. 2. מידה, כאַראַקטער־שטריך
פֿון אויפֿבּרענגער.
אויסבּרענגעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויפֿבּרענגער. א'ע
מידות.

אויסבּרענגערישקייט — די (דאָס). מצ
נבֿ. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אווּפֿבּרענגעריש.
אַבסטראַקטע אידיי(ע) פֿון אויפֿבּרענגערײַ. א,
. נײַע געדאַנקען.
פֿו
אויסבּרענען — בּרען אויף, ~געבּרענט.
אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָדער פֿונדאָסנײַ
אָנהייבּן ברענען; אָנכאַפּן זיך (ווען פֿײַער).
דאָס האַלב־פֿאַרלאָשענע פֿײַער ברענט אויף.

2. ברענען שטאַרקער, מיט גרעסערן פֿלאַם.
3. ווערן שטאַרק אויפֿגערעגט, דערצאָרנט. „...האָט אים הייליק אויפֿגעברענט צום גרויסן העלדן־שטרײַט“, אַל, 'מאַרטירער־בלוט'. טרוו — 1. מאַכן עס זאָל ווידער ברענען אָדער ברענען שטאַרקער. א, די קוילן. 2. אויפֿרעגן, אויפֿהעצן, דערצערנען. „האָט דער סםהמות רויטער אויפֿגעברענט די הייליקע נקמה“, מל, 'איך האַב מײַן קאָפּ געבויגן'.
3. האַלטן אין (בײַ, לעבן) פֿײַער בײַ פּראָדוצירן. א, ציגל, א, ליימענע כלים. 4. אויסברענען אויף עפּעס. א אַ צייכן אויפֿן לײַב.

,

אויפֿברעקלען — טרוו. ־קל אויף, ~ געברעקלט. דזוו אויפֿבראָקן ←.
אויפֿברעקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. לר. (אין לשון פֿון יונגוואַרג) אָנהייבן מאַכן אָנשטעל פֿון אַ וויכטיקער פּערזאָן.
אויפֿגאָב — דער, ־ן. 1. האַנטגעלט, אַדערויף, געלט עד־לחשבון. „בחשבון הגליל: שלושים זהו, פסד“ש מזה בצירוף האויפֿגאָב (האויפֿגאָב לא נכלל איפֿוא בחשבון הארצות)“, הערה צו 'לחשבון הוצאות טיקטין', ביערסלבֿ, תל“ו [יע)ראָל הײלפּערין, וועד אַרבע אַרצות].

“איז ז אַוועק...און געגעבן צוויי רובל ◌ן א'“,
י
ווײַס, 'צום איידעם אויף קעסט'. אויפֿגאָב—
געלט = האַנטגעלט, אַדערויף. 2. צוגאָב
צום פּרײַז, צום סכום סחורה. נאָך אַן עפּעלע
ווי אַן א, צום קוואָרט. „איך וועל דיר געבן פֿיר
פּוד מלח לכּל מאה א'“, מלאכת מחשבֿת, ווילנע
1874. 3. איר. אָנהייב פֿון אַ שטראָף;
די ערשטע שטראָף; די ערשטע קלעפּ.
„דאָס — זאָגט ער — איז ערשט אַן
א'. דײַן פּסק ווען ערשט האָבן אין דער
היים“, שע, 'בײַם קיניג אחשורוש'. 4.
אויפֿגאַבע, עובֿדה, התחײַבֿות; שליחות. „אַ מענטש
אין גאַס — אַ שווערער א', אַ ייִד אין דער
היים — ניט קיין ווייניקער שווערער א'“,
ימ, אונדזער שול, 1948. זײַן א, איז געווען:
אויפֿרײַסן די מינע. 5. אַקט פֿון אויפֿגעבן.
ריכטיקער (פֿאַלשער) א, פֿון חשבון. 6. סכום
זאַכן וואָס ווערן אויפֿגעגעבן אָפּצושיקן. גיך
איבערשיקן דעם א'. א'־סטאַנציע —
פֿראַכט־־־
סטאַנציע (פֿון וואַנעט מע שיקט אָפּ סחורה).
„די אויפֿגעגעבענע זאַכן וועלן צוריקגעגעבן

ווערן פֿון דער א־ס"", קמ, 8 l866, No,
מודעה.
אויסגאַבניק — דער, ־עס. לערנבוך מיט
אויפֿגאַבעס (געוויינטלעך, מאַטעמאַטישע).
אַריטמעטישער, אַלגעבראַאישער,
געאָמעטרישער אא אויפֿגאַבניק.
אויסגאַבע — די, ־ס. 1. אויפֿגעגעבענע
אַרבעט, זאַך וואָס דאַרף געטאָן ווערן. געבן,
(פֿאָרשרײַבן, פֿאָרלייגן אע) אַן א'. האָבן פֿאַר
אַן א'. 2. פּראָבלעם אין מאַטעמאַטיק אָדער
אין אַן אַנדער וויסנשאַפֿט; געניטונג פֿאַר דעם
וואָס לערנט זיך. פֿאַרגעבן אַן א'; באַשיידן,
מאַכן אַן א'. געפֿינען אַן ענטפֿער צו דער א'.
רעכן־א'. געאָמעטרישע פֿיזישע, כעמישע אאַ

,

א'ס. ימ, ש ול־גראַמאַטיק אין בײַשפּילן און
אויפֿגאַבעס, קאָוונע 1921. 3. קאָנקרעטער
ציל, חלק פֿון אַ גרעסערער טעטיקייט אָדער
אָנשטרענגונג, אויסגעטיילט לויטן באַפֿעל אָדער
אָנווײַז פֿון אַ העכערן. דער פּאָלק (די ראָטע,
דער זעלנער) קריגט אַן א'. די א, פֿון אַ

וואַרשטאַט, אַן אָפּטייל פֿון פֿאַבריק. ש ל אָ ג ־ א , ,
סאָוו = וויכטיקסטע א, אין געגעבענעם
מאָמענט וואָס מע דאַרף דורכפֿירן לויטן פּלאַן.
4. שליחדת, מיסיע, התחײַבֿות. נעמען אויף
זיך אַן א'. זיך באַפֿרײַען פֿון דער א'. „אונדזער
א, איז דאָ פֿאַבריצירן פּעאיקע ערד־ און
פֿאַבריק־אַרבעטער“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניטט. „איך
ווייס ניט צי כ'האָב זיך געספּראַוועט, צי איך
האָב אויסגעפֿילט די א, פֿון מײַן קלאַס“, ש.
ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I.
“טעאַטער האָט די איין־און־איינציקע א, —
צו אינטערפּרעטירן און אילוסטרירן דאָס
ליטעראַרישע ווערק“, מוק, טעאַטער און ייִדיש
טעאַטער. לעבנס־א'. א, פֿון אַ דור. 5. דזוו
אויפֿגאָב, ב 1, ב2, ב , ב , דטש מ.

אויסגאַבער — דער, ־ס. דזוו אויפֿגאַבניק ←.
אויפֿגאווהן זיך — [...גײַ'ווען] אוטוו. גאווה
זיך אויף, זיך ~געגאווהט. מיטאַמאָל אָנהייבן
זיך גרויס מאַכן, אַרויסשטעלן זיך מיט גאווה.
א, זיך ווי איין האָן צווישן אַ גאַנצן הויף
הינער.

אויסגאַזירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)גאַזירט.
(פֿאַרענדיקן) אַרײַנגעבן גאַז, קוילן־
זויערשטאָף. א אַ גאַלאָן זעלצערוואַסער.

אויסגאַזן — טרוו. גאַז אויף, ~געגאַזט. דזוו
אויסגאַזן ←. „מיר זײַנען פֿון די געציילטע
וואָס די דײַטשן האָבן ניט באַוויזן א׳“, רייד.
אויפֿגאַלאָפּירן — אוטוו. ־פּיר אויף, ~(גע)־
גאַלאָפּירט. גאַלאָפּירן פֿאָרויס. א, אויף אַ
פֿײַערדיקן פֿערד.
אויפֿגאָלן — טרוו. גאָל אויף, ~געגאָלט.
אויפֿדעקן דורך אָפּגאָלן האָר. א אַ מכּה (אַ
געשוויר) = אָפּגאָלן די האָר אַרום אָדער אויף
דער מכּה.

אויפֿגאַלקעווען — טרוו. ־קעווע אויף, ~ געגאַלקעוועט. אויסקלײַבן דורך גאַלקעס (באַטײַט: דורך צוגעבן איבעריקע פֿאַלשע גאַל,
קעס) פֿרגל: אויסגאַלקעווען. ,,ער וואָלט שוין
.
לאַנג ניט געווען בײַ אונדז גבאי, אָבער ער האָט זיך זײַנע משרתים וואָס גאַלקעווען אים אויף“, דייד.

▯

אויפֿגאַראַנטירן זי▯־.

אויפֿגאַנג — דער, ־ען, ~געגנג. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגיין. 2. יעדער מין אויפשטײַג, דאָס גיין אַרויף. טוו פֿאַר 'עליה, — שבֿ אאַ. דער א, קיין ירושלים. ,,און איר [דער נשמהס] א, איז בעסער פֿון זײַן [דעם גופֿס גידערונג], כלומר: נאָכן טויט גייט די נשמה אַרויף צו גאָט און דער גוף נידערט אין דער ערד", חה. “נאָר איין פינטל פֿון דײַן אויג — און איך האָב שוין פֿאַרנומען אַלע אונטערגאַנגען, א'ען פֿון דײַנע טעג“, הל, ' סאָנעטן־רינג'. 3. ספּעצ — מאָמענט און

פּראָצעט ווען די זון באַוווײַזט זיך איבערן
האָריזאָנט. זונאויפֿגאַנג. ״דאָרט זאָל זי שטיין פֿון
זון־א, ביז ־אונטערגאַנג״, אַש, תּהילים־ייִד. „אָ,
דו ציגעלע פֿון א', פֿאַר צוויי גילדן
אויסגעביטנס״, פּמ, קופּע. אויך לבֿנה־א', שטערן־א'.
„...לאָזט זיך דערקענען אין דעם רויט־
פֿאַרביקן הימל בײַם א, פֿון מאָרגנשטערן״, ממוס,
שלמה. „די שפּראַך פֿון רויטן מאָרגן־א'״,
יהואָש, 'מלכּת־שבֿא' 4. מזרח. „אויף גאַנג״,
טײַטשט אליהו לוי אשכּנזי, שמות דבֿרים,
איזנע 1542. 5. אויפֿקום, אויפֿבלי, דאָס
אַרויפֿוואַקסן. ״זע, סאַראַ שיינער א, פֿון דער
תּבֿואה!״. א'־פֿעאיקייט — פֿעאיקייט גוט
אויפֿ --
צושפּראָצן.

אויסגאָנערן — ־נער אויף, ~געגאָנערט.
אוטוו אַרויסברענגען קלאַנגען פֿון (אָדער
---.
ווי פֿון) אַ גאָנער. טרוו — אויפֿהעצן,
אויפֿרייצן. א, איינס אויף ס'אַנדערע, מע זאָל זיך
אויסרײַסן די האָר (די פֿעדערן).

אויסגאָנערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. אַרויסשטעלן זיך מיט גאווה, מיט כּוחות. א, זיך ווי מע וואָלט געווען דער איינציקער מאנצבֿיל אין מאָסקווע. 2. אויפֿהעצן זיך, אויפֿקאָכן זיך.

אויפֿגאָס — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס מע גיסט אַרויף בײַם צוגרייטן אַ מאכל. ווײַן ווי אַן א, אויף פֿלייש. 2. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגיסן (זיך). אויפֿגאָס־ראָד = ראָד אין וואַסערמיל (אָדער אין אַנדערע אינסטאַלירונגען), וואָס אויף איר גיסט זיך דאָס וואַסער וואָס בּרענגט זי אין בּאַוועגונג.

אויפֿגאָפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~געגאָפּלט. קינדער־לש ון. אַרויפֿנעמען אויפֿן גאָפּל. „ מאַמע, איך קען עס ניט א'. איך נעם עס מיט די הענט“.

אוי▯ גאַפּע — אַדוו פֿראַזע. פּד ▯ ▯][▯ ▯ na ga] ▯ ▯<. אָן געלט, אָן בּאַצאָלט, אָן אַ בּילעט. פֿאָרן א, ג'. או ך: אַרײַנשטופּן זיך, אַרײַנקומען א, ג'.

י

אויסגאַסן — אוטוו. גאַף אויף, ~געגאַפֿט.
ווערן פֿאַרגאַפֿט; אָנהייבן זייער שטאַרק זיך
וואונדערן, אַרײַנפֿאַלן אין שטאַרקן חידושן
זיך. דער עולם האָט אויפֿגעגאַפֿט, ווען מע
האָט דערהערט די מעשׂה.
אויפֿגאַראַנטירן — טרוו. ־טיר אויף, ~(גע)־
גאַראַנטירט. (סוחריש) באַצאָלן ווען מע האָט
גאַראַנטירט. „אַ וואָרט איז אַ וואָרט, און איך
האָב געמוזט א'„.
אויפֿגאַראַנטירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זיך אינגאַנצן פֿאַרזיכערן, ווערן פֿולקום
גאַראַנטירט. ווען זיך א, ניט מיט אַ צוזאָג, נאָר
טאַקע מיט אַ וועקסעלע.

אויפֿגאַרבונג

אויסגאַרבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגאַרבן I & II.
אויסגאַרבן 1 — טרוו. גאַרב אויף, ~ געגאַרבט. אויך: ~גאַרבערן פֿאַרענדיקן
.
אויסאַרבעטן לעדער פֿון פֿעל. א, וואָלאָווע (אָקסן־פֿעל). 2. אויסגאַרבן ביז דער נייטיקער מאָס, מדרגה. „איז... לעדער נאָר גענוג אויפֿגעגאַרבט, אַזוי שרומפּט דאָס ניט אײַן“, וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט, 1922.
אויסגאַרבן 11 — טרוו. ← דפֿוו.
צונויפֿנעמען, צונויפֿבינדן אין גאַרבן. א, די תּבֿואה.
אויפֿגאָרגלען — ־גל אויף, ~געגאָרגלט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן שרײַען הויך. גראָבלעך. „וואָס האָסטו געעפֿנט דײַן פּיסק? וואָס האָסטו אויפֿגעגאָרגלט?“. טרוו — 1. דורך הויך שרײַען עפּעס אַרויסברענגען, אויסדריקן. אויפֿגעגאָרגלט אַ קאָמאַנדע ווי ער וואָלט געווען אַ יענעראַל. 2. אָנריידן עמעצן צו מאַכן קולות (אַזוי ווי צו עפֿענען דעם גאָרגל). „מע האָט אים אויפֿגעגאָרגלט און ער האָט זיך צעגאָרגלט אין חזנות“.

אויפֿגאָרגלען זיך — אוטוו ← דפֿוו.
מיטאַמאָל אָנהייבן מאַכן קולות, שרײַען, הויך זינגען. א, זיך אַז די גאַנצע גאַס זאָל זיך צונויפֿלויפֿן (צעלייגן).
אויפֿגאָרגלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿגאָרגלען (זיך).
-
אויסגאַרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגאַרן.
אויפֿגאַרטלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגאַרטלען (זיך).
אויפֿגאַרטלען — טרוו. ־טל אויף, ~ געגאַרטלט. 1. אויפֿעפֿענען אַ גאַרטל פֿונאַנ.
דערגאַרטלען, אָפּגאַרטלען. א, די זשופּיצע. א, דעם פּאַק און אַרויסנעמען די זאַכן. 2. פֿאַרבינדן מיט אַ גאַרטל; צונויפֿגאַרטלען. א, די זאַכן, זיי זאָלן זיך ניט צעשיטן.
אויפֿגאַרטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. רעפֿל מיט בײדע בּבֿ פֿון אויפֿגאַרטלען. זיך א, און אויסטאָן די זשופּיצע. זיך שטײַף א אַז דער
,
ווינט זאָל ניט דורכנעמען. אוטוו — 1. זיך ניט אײַנהאַלטן און אַרויסרעדן, אויסדערציילן.

2. ניט זשאַלעווען מער, זיך לאָזן קאָסטן. זיך א, און אויסצאָלן אין שענק.

אויסגאַרן — אוטוו. גאַר אויף, ~געגאַרט. ווידער (מיטאַמאָל) אָנהייבן ווען, באַגערן. א, נאָך דער גאולה.

-

אויסגאַרנירן — טרוו. ־ניר אויף, ~ געגאַרנירט. 1. אויפּפּוצן, א, אַ מלבוש מיט זילבערנע קנעפּ. א, אַ קלייד מיט שפּיצן. 2. אַרויפֿשיטן, אַרויפֿלייגן אויף אַ מאכל, עס זאָל אויסזען שענער, אַפּעטיטלעכער. א, געהאַקטע הערינג מיט אַ האַרט איי.

-

אויסגאָרנישטן — טרוו. ־שט אויף, ~ געגאָרנישט. (שפּאַסיק). גאָרנישט אויפֿטאָן. „— וואָס האָט ער אויפֿגעטאָן? — ער? ער האָט אויפֿגעגאָרנישט“, רייד.

אויפֿגאָר(ע)נען — טרוו. גאָרן אויף, ~ געגאָרנט. אַרויפֿשטעלן פֿון אויבן אַ גאָרן. א,

אַ גאָרן אויף אַ גאָרן. אויפֿגעגאָרנט אַ ליגן אויף אַ ליגן.

404

אויפֿגדלען, ~גדלנען — [...גאָ'דלען, ...גאַ'דלענען] טרוו. גדל, גדלן אויף; ~געגדלט, ~געגדלנט. אויך מיט ז י ך. מאַכן עמעצן א פֿאַר אַ גדול, איר. א אַ גאָלע גאָרנישט. א,
,

דדרך פּראָפּאַגאַנדע.

אויסגוואַלדעווען — ־עווע אויף, ~ געגוואַלדעוועט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן גוואַלדעווען. א, פֿון גרויסע צרות. טרוו — צונויפֿרופֿן, אויפֿרודערן מיט גוואַלדגעשרייען.
א אַן אָנגעלאַף פֿון עולם. א, דעם גלײַכ
,
גילטיקן עולם.

אויסגווינטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געגווינטעוועט. 1. צונויפֿשרויפֿן. א, אַלע טיילן

אינאײנעם. 2. אָפּשרויפֿן, פֿונאַנדערשרויפֿן,
א אַ מאַשין, צענעמען זי אויף באַזונדערע
,
טײלן. 3. אויפֿרעגן, אויפֿרײצן. א, עמעצן,
ער זאָל פֿאַר זיך אַליין ניט זײַן ערבֿ.
אויסגווינטעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זיך צעשרויפֿן. זיך אויפֿרעגן.
אויפֿגוזמא(נע)ן — [...גו'זמע(נע)ן] טרוו.
גוזמא אדיף, ~געגוזמאט. פֿטמ. שטאַרק מגזם
זײַן; אדיפֿבּרענגען גוזמאות. א אַ
געווײנט,
לעכע זאַך. א, אַ פֿליג, זי זאָל אויסזען ווי אַ
באַרג (ווי אַ העלפֿאַנט).
אוי גוט — אַדוו פֿראַזע. 1. אויך: אויף אַ
לאַנגער צײַט. זיצן אין תּפֿיסה, אַרײַנזעצן
א, ג'. "ציִען האָב איך געוואָלט, האָט מיך
אָנגעכאַפּט אַ יאָלד, דאַן בין איך שוין געבליבן
זיצן א, ג'", גנבֿים־ליד. 2. אויף שטענדיק.
אַוועקפֿאָרן א, ג, און זיך ניט צוריקקערן.

אויסגוידערן — ־ער אויף, ~געגוידערט

אַקוזוו — אויפֿהאָדעווען (אַרויסקומען מיט)
אַ פֿעטן האַלדז. עסן גענדזענע פּופּיקלעך
און א, (זיך) אַ גוידער.

--

אויסגוידערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אָנבלאָזן, אַרויסרוקן זיך מיטן פֿיזישן אָדער
עקאָנאָמישן פֿאַרנעם. א, זיך ווי די נגידתטע
פֿון שטעטל.

▯

אויסגוס — דער, ־ן. דזוו אויפֿגאָס ←.
צעלאָזן שאָקאָלאַד און ניצן אים וו אַן א, אויף
י
אַ קוכן. ״אַזוי ווי שאָקאָלאַד געברויכט מען
ניט [בלויז] ווי אַן א'... נאָר מען עסט
אים...״, איבּז האָכבּערג, שמייל, געוויקסן. „אויך
מוז מען מדקדק זײַן דאָס בײַ יעדן א, זאָל
זיך אַרויסגיסן אַ גאַנצער רבֿיעית וואַסער„,
איבּז אמד, ר אַבֿרהם דאַנציג, בית אַבֿרהס,
׳
ווילנע 1865.

אויפֿגזלען, ~גזלנען — [...גאַזלען,...
גאַזלענען] טרוו. גזל, גזלן אויף; ~געגזלט, ~
געגזלנט. צונויפֿנעמען דורך גזילה;
צונויפֿרויבֿן. א, אַ פֿאַרמעגן. „איר זעט דעם
מאַיאָנטיק? ס'איז אויפֿגעגזלט פֿון אָרעמע מענטשן“.

אויסגיי — דער, ־ען. נעאָל. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿרן אויפֿגיין פֿון די ערשטע יאָרן
„.
פֿון א, פֿון ייִדישן וואָרט אין אַמעריקע„, א.
ליס, דרוס־אַפֿריקע, 1956. א'־פֿעאיקייט =
צו קריגן אַ גערעטעניש אַ בּאַשטימטע צאָל
מאָל מער ווי דער פֿאַרזיי. יאַכ.
אויפֿגייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגיין.

אויסגייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס האַלט אין

אויפֿגיין

אויפֿגיין. וואָס איז בּכּוח, קען אָדער גענייגט

אויפֿצוגיין. א'ער טאַלאַנט.

-

ויסגיין — אוטוו. גיי אויף, בין ~געגאַנגען [וועגן ה אָ בּ ← אויסגיין, אָבער דאָך זעלטענער] פּר אויך: ~געגאַנען, ~געגאַן.

1. אַרויסקומען, אויפֿשײַנען, אויפֿלײַכטן. די זון, די לבֿנה, די שטערן גייען אויף. „ווען די זון גייט אויף — איז ניט צו שפּעט“, שוו. „וואָס שפּעטער די זון גייט אויף, איז דער טאָג העלער“, שוו. „דיא האבּן אַן גיהובּן צו אורן קריאת־שמע איי דאש דיא זון איז אויף גאנגן“, לט 1, 2/21. „און פֿאַרוואונדערן זיך ניט פֿון דעם...ווי די זון ▯.יט אויף אינדערפֿרי און גייט אונטער פֿאַרנאַכט„, חה, בּ, 230. „אָנגעקדמען די בּשורה וועגן דעם נײַעם ליכט וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין ארץ־ישׂראל“, אַש, תּהילים־ייִד. פֿיג וועגן אַ געפֿיל וואָס קומט אויף און נעמט אַרום דעם מענטשן. ליבֿשאַפֿט, בּענקשאַפֿט אע גייען אויף. „אין מיר איז אויפֿגעגאַנגען אַ שאַרפֿער חרטה־ווייטיק“, בּ. צוקערמאַן, איק, פּסח, תּש“ך.

2. אויפֿשפּראָצן, אויפֿבּליִען. די תּבֿואה איז

שיין אויפֿגעגאַנגען. „און זי [איז] אינגאַנצן אויפֿגעגאַנגען מיט דערנער„, חה, 117; „דער וואָס ער זייט מיט צדקה, דעם גייט אויף זײַן לוין מיט אמת„, מס, משלי, תּקע״ד, יא, 18.

„וואו מע זייט אים ניט — דאָרטן גייט ער אויף“, פֿוול (וועגן עמעצן וואָס שטערט מיט זײַן קומען). „אַזוינע זאָל מען געדיכט זייען און שיטער זאָלן זיי א'“, פֿוול (וועגן שלעכטע מענטשן, ספּעצ קינדער). פֿיג: זאָל א, דײַן מזל!

3. כּסדר זיך אַנטוויקלען. „די ליבשאַפֿט צווישן זיי גייט אויף און זיי ווילן שוין חתונה האָבן„, רייד. „געזונטע קינדער גייען אויף“, רייד. נאָמען פֿון ש. בערלינסקיס אַ לע

4. אויפֿקומען. אַ געדאַנק גייט אויף. מחשבֿנס־באַשרײַבונג: „אַ לעבן גייט אויף“.

בּות גייען אויף אין האַרצן. זכרונות פֿון אַמאָליקע יאָרן גייען פּלוצעם אויף. „דרײַ זאַכן איז אויפֿגעגאַנגעך אין דער מחשבֿה פֿון השי״ת צו באַשאַפֿן...„, דרכי עולס, ווילנע 1866. „עס זאָלן ניט א'...ספֿקות וואָס מאַכן מיך

אומרואיק“, אור עולט, נעתק ע״י ר, י□tראל ממינטק,

ווילנע 1865. ,,איז אים אויפֿגעגאָנגען אויף
זײַן רעיון...‘‘, בּ. ראַטנער, ספּורי נפֿלאות...,
בּאַרדיטשעוו l903.
5. דערשײַנען, קומען פֿאַר (פֿאָרשטייער
פֿון) מאַכט פֿאַר אַ העכערן כּוח. א, צום
,
בּית־דין. ,,מיט דעם ווילן וואָס וועט א, פֿאַר
אים, דאָס ער זאָל זייערע עבֿירות
אויסרוימען‘‘, ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג
1877. ,,איך זאָל ניט א, מיט חרפּה פֿאַר דיר‘‘,
קח. ,,דא זאָגט (הקבּ‘‘ה): דו רשע און בּיסט
דער זון פֿון אַ רשע. דײַן גורל איז אויף
געגאַנגען דאָס דו ווערסט געהענגען ווערן‘‘,
ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר‘‘ג.
6. אַרויפֿהייבּן זיך, אויסשפּרייטן זיך (
דערעיקר אין דער הייך). דער רויך נייט אויף.
דער ריח גייט אויף. ,,ווען מקטיר קטורת
גיוועזין אונ, דער עשן איז אויף גיגנגין,,.
נוצ I. ,,אויפֿגעגאַנגען גערוכן,,, בּאַש, מײַן

אויפֿגיין

טאָטנס בית־דין־שטוב. ,,זייערע זיסע געשמאַקן זאָלן א, און דערקוויקן די הערצער“, אַש, תּהילים וי̇ד.

7. עולה זײַן, גיין קיין ארץ־ישׂראל (ירושלים). ,,ובזכות זה ווען מיר א, קיין ירושלים, אָמן, כּן יהי רצון“, נוצ. ,,נאָך גלות בּבל איז אויפֿגעגאַנגען עזרא מיט ווייניק לײַט... און האָבן ▯▯אָס בית־המקדש ווידערגעבּויט“, לט2, 1/16. [זייער זן אויך א, אין גלות. “אדן פ▯ן וועגן די אסתּר איז מרדכי א▯יפֿגעגאַנגען אין גלות“, ר, אַהרן מטריבש, מצדו אַהרן, וואַרשע תּר“ג.]

8. עולה לתּורה זײַן. אויפֿרופֿן ווער עס זאָל א'. ,,זײַן דען ג, כּהנים או לויים, דא ווערפֿין זיא גורל ווער אויף גיט, אונ, דער דריט מאג זיך די הפֿטרה נעמין“, תּקק. “...וואָס מאַכן קורץ דאָס לעבן פֿון דעם מענטשן: ווען מען איס אויפֿרופֿט צו איינער ספֿר תּורה און גייט ניט אויף,,, צור, לך לך.

9. אַרויפֿגיין, אַרויפֿשטײַגן. שטענדיקער טוו פֿאַר 'עלה'. 'ואד יעלה, (בּראשית, בּ 6) פֿאַרטײַטשט מש: ,,ער וואַר אויף גין“ (אויך אַנדערע), תּי: ,,נאָר אַ נעבל פֿלעגט א, פֿון

דער ערד“. 'אם אסק שמים, (תּהלים, קלט, 8)
פאָרטײַטשט מלל: „גיה איך אויף“ [תּי: זאָל
איך אַרויפגיין]. „...איז איר אויסגעלײַטערטע
גשמה אויפגעגאַנגען אין הימל אַרײַן“, ווײַס,
'איינער אַ מענטש'.

()10. (געוויינטלעך דריטפּערזאָניק) אויפפירן,
אויסשפּרייטן זיך דורך יוירונג. דאָס טייג
וועט גוט א'. א, (ווי) אויף הייוון. ”אַזוי ווי
זויערטייג, אַז מע טוט עס אין טייג אַרײַן,
גייט עס ביסלעכווײַז אויף„, נצ2. „איין טייל
ליגן וועלגיר העלציר אויף דיא [מצה־טייג]
אודר לוזן איין קינד דיא הענד דריבּר
שטרײַכן...דען דש קינד מאַכט זיא ערשט ווארים אונ,
גיט גישווינד אויף“, ספר המנהגים, אמשט
1723, טז/א. „מע צאָלט טײַער פאַר מעל...
צום סוף אין באַקן...עס גייט ניט אויף ווי
מע דאַרף“, קמ, 6 1866, No.

11. אָנבּלאָזן זיך, אָנקוועלן. בּרויט,
אײַנגעווייקט אין וואַסער, גייט אויף. „אם פּסח מוז
דוא... גאַנץ פר בּרענין איין מצה דיא דא איז
אויף גאַנגין אודר לעכר דרין זע ין„, סטה II, ט.

12. גרעסער ווערן דורך געשוואָלן ווערן.
אַ געשוויר גייט אויף. „זע ווי די באַק איז
אויפגעגאַנגען פון צאָנווייטיק!“ „ווען ער איין

מכּה ביקומט אונ, וויל ניט אויף גין אָדער
ווייך ווערין...", טור, כט. א, ווי אויף הייוון.

13. באַוווײַזן זיך און גרעסער ווערן (פֿאַר די אויגן) בײַם דערנענטערן זיך. עס גייען אויף די שפּיצן פֿון דער פֿעסטונג. אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע גייט אויף. „אַהינטער אונדז אַ שטאַרבנדיקער ווינטער פֿאָרויס פֿון אונדז אַן

—
,
אויפֿגייענדיק לאַנד,,, הל.

14. אָפּגיין, צעגיין, צעשמאָלצן ווערן. „און זײַנען געצוואונגען זייערע קליידער וואָס זײַנען געפֿרוירן ווי אײַז בײַם פֿײַער א, צו לאָזן", קמ, 34 l864, No. *דער (די) טײַך גייט אויף (וורר) = עס ברעכן זיך קריִעס, דאָס וואַסער טראָגט זיי אַוועק.

15. צעגיין; בטל ווערן, אויפֿגעלייזט ווערן.

א, מיטן פֿײַער. „,...מחלוקת האָט זיך דערוועקט אין גליל חעלם, דז כּמעט דאש גליל ווער אויף גנגין אונ, חלילה מזיק גיוועזין מעמד ומצב הכּלל", כּרוז גראמניץ תּל"א [יםt ראָל היילפּערין, ועד ארבּע אַרצות, l22].

16. צונויפֿגיין זיך, צונויפֿקומען זיך. *עס זאָל אויפֿגיין מזרח און מערבֿ = אַזוינס וועט

ניט געשען (וועט מען ניט דערלאָזן) אַפֿילו ווען עס זאָל פֿאָרקומען עפּעס וואָס איז אוממעגלעך.

17. דערגיין (צו עמעצן וואָס איז אויף אַ העכערער פּאָזיציע). די ידיעה וועט א, פֿאַרן שׂררה. "איז אויפֿגעגאַנגען די צאָל פֿון די דערשלאָגענע... פֿאַר דעם קיניג", ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר"ג.

13. וורר. אָנהייבן שטראָמען. פֿון וואַנעט גייט א￼יף דער טײַך?

אויפֿגיין זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

צונויפֿגיין זיך, זיך צונויפֿקלײַבן. זיך א, פֿון אַלע עקן וועלט. א, זיך ווי אויף אַ בײז וואונדער.

2. קזוו. קומען צו אַ הסכּם. א, זיך אויף אַזעלכע תּנאָים.

￼

אויסגייעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיק￼ר פּראָצעס פֿון אויפֿגיין (זיך).

אויסגייער — דער, ־ס. ווער עס גייט אויף, עולה. „די וואָס די א, פֿון בבֿל האָבן צוגענומען פֿון ארץ־ישׂראל", זרעים, נט/א.

אוי￼ גיך — אַדוו פֿראַזע. גיך, געאײַלט, אין

אַן אײַליקן טעמפּאָ. “אַז עס גייט אַ געשעפֿט,
מאַכט מען אים אויף גיך“, שוו. „אויף גיך
צום פֿערד, די האַנט שטאָל אָן“, אָשר
שווארצמאן, 'דער שׂונא בײַ די טויערן'.

אויפֿגילטן — אוטוו. גילט אויף, ~געגאָלטן.
1. מיטאַמאָל אָנהייבן גילטן, ווערן
אָנגענומען. א, ווי אַ חכם, ווי אַ נדבֿן. 2.
דריטפּערזאָניק. דזוו אָפֿגילטן, נאָר מיט בײַבאַטײַט פֿון
פֿלוצעמדיקייט. דאָס געשעפֿט האָט אים
אויפגעגאָלטן.

□

אויסגיסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿ□ן אויפֿגיסן (זיך). אַ קרבן פֿון א'.

□

אויסגיסן — טרוו גיס אויף, ~געגאָסן.
אַרויפֿגיסן, גיסן אויף עפּעס. א, אייל אויפֿן
פֿײַער. א, נעגל־וואַסער. “דען דער רוח רעה
וואָס רוט אויף זײַנע הענט אין שלאָף, ער
גייט ניט אַוועק ביז מע גיסט אויף וואַסער
אויף די הענט„, לט□, 2/18. “איך מוז די
וואַסער אויפֿגעגאָסן ווערן דורך א מענטשנס

האַנט, ד״ה ער זאָל מיט איין האַנט גיסן אויף
די אַנדערע האַנט, אָדער אַן אַנדערער זאָל אים
א׳״, איבּז אמד, ר, אַבֿרהם דאַנציג, בּרת אברהס,
ווילנע 1865. ״כ'האָבּ די יויך אויף די קליסקעס
אויפֿגעגאָסן״, בּאש, פּאָר, 1960 X 21.

אויסגיסן זיך — או טוו. גיס זיך אויף, זיך
~געגאָסן. צונויפֿגיסן זיך; צונויפֿשמעלצן
זיך, ווערן איינס. קולות גיסן זיך אויף. „די
אַלע ניגונימלעך, בּרומענדיקע און האַרציקע,
פֿלעגן זיך א, אינאיינעם און צעגיסן זיך אין
אַלע אבֿרים„, יק. „און קינס פּנים האָט זיך
אויפֿגעגאָטן מיטן וואַסער״, הר, אין שענסטן
טאָג פֿון האַרבּסט.

-

אויסגיסעכץ — דאָס (די), ־ן, ־ער. אויפֿגאָס.
דאָס וואָס מע גיסט אויף. אַן א, אויף פֿלייש.

אויפֿגליווערן

אויפֿגיסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿגיסן (זיך).

אויסגיסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. בּאַדינער אין אַ שוויצבּאָד, ל2 (וואָס גיסט אויף וואַסער, עס זאָל שטײַגן די פּאַרע).
2. ווער עס גיסט אויף וואַסער בּײַם פֿאַרקנעטן די מײרעס אויף מצה.
אויסגיפּסן — טרוו. גיפּס אויף, ~געגיפּסט.
אויך: ~גיפּסעווען. 1. צונויפֿפֿעסטיקן מיט גיפּס. א אַ כלי. 2. האַלטן אין גיפּס.
,

א אַ צעבּראָכענע האַנט.
,

אויפֿגלא□ירן — סרוו ־זיר אויף, ~(גע)־
—
.
גלאַזירט. אויפֿפּוצן דורך גלאַזירן, גלייזן; באַרעקן מיט גלאזור. א, ליימענע כּלים.
אויסגלאָזן — טרוו. גלאָז אויף, ~געגלאָזט. (שוסטעריי) (אויפּ)שאָבן מיט גלאָז. א, די פּאָדעשווע און די אָפּצאַסן, מאַכן זיי גלאַטיק.
אויסגלאַטיקן — סרוו. ־יק אויף, ~ געגלאַטיקט. (סטאָליעריי) ווידער (פֿונדאָסנײַ) גלאַט מאַכן; אויפֿפֿרישן דורך אויסגלאַטיקן. אַזוי א, די ברעטער, מע זאָל אַזש קענען זיך גליטשן אויף זיי.
אויפֿגלאַנץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגלאַנצן. אויפֿשײַן. א, פֿון אַ ליבן שמייכל. א, פֿון אַ נײַעם געדאַנק.
אויפֿגלאַנצן — גלאַנץ אויף, ~געגלאַנצט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבן גלאַנצן. דער פֿרישער שניי האָט אויפֿגעגלאַנצט קעגן דער לבֿנה. 2. פּלוצלינג אויסצייכענען זיך מיט שיינקייט, קלוגשאַפֿט. א, מיט אַ רעדע. טרוו — אויפֿפּוצן, צוריקברענגען דעם בליאַסק. "דער סאַמאָוואַר איז געווען באַדעקט מיט גרינשפּאַן, זע ווי איך האָב אים אויפֿגעגלאַנצט". א, די שטיוול אַז זיי זאָלן שפּיגלען.

אויפֿגלאָצן — קזוו גלאָץ אויף, ~געגלאָצט.
דזוו אויסגלאָצן ←, נאָר מיט בײַטעם פֿון מיטאַמאָליקייט. א אַ פּאָר (קעלבערנע) אויגן. מיט

,

ז י ך = צוגאָב־ב. פֿון זיך, ספּאָנטאַן.

.

אויפֿגלוסטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגלוסטן (זיך).
אויסגלוסטן — אוטוו. גלוסט אויף, ~ געגלוסט. מיטאַמאָל (פֿונדאָסנײַ) קריגן אַ באַגער נאָך עפּעס, עמעצן. „שוין כמעט געהאַט פֿאַרגעסן זײַן ערשטע ליבע, אָבער ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט איר, האָט ער אויפֿעגלוסט נאָך (צו) איר“.
אויפֿגלוסטן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָני .
← דפֿוו כמעט דזוו דפֿוו, נאָר מיט בײַבאַטײַט: עס קומט פֿון זיך, אָן אַרײַנמישונג פֿון באַוואוסטזײַן. עפּעס גלוסט זיך אים (איר) אויף.
אויפֿגלוסטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿגלוסטן (זיך). אַן א, וואָס וועט פֿאַרבײַגיין.
אויפֿגלי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגליִען. “בײַ אים יעדער שורה אַן א,. א פֿײַער־צייכן“, יג, תּוך.

אויפֿגליאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגלִיען.
אויפֿגליווערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגליווערן.
אויפֿגליווערן — גליווער אויף, ~
געגליווערט. אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָדער

אויפֿגליווערן זיך

ענדגילטיק אַריבּער פֿון צושטאַנד פֿון
פֿליסיקייט אין אַ (ווייכלעך־)האַרטן צושטאַנד. דאָס
בּלוט גליווערט אויף פֿון שרעק. טרוו —
פֿאַרגליווערן, מאַכן עס זאָל ווערן אַ גליווער.
א, די פֿישיויך.
אויפֿגליווערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אינגאַנצן פֿאַרגליווערט ווערן. „גיבּ אַ קוק צי די
זשעלע, האָט זיך שוין אויפֿגעגליווערט“,
ריוד.
אויסגליטשן — טרוו. גליטש אויף, ~
געגליטשט. מאַכן ווידער (פֿונדאָסנײַ) גליטשיק.
אָפּקערן דעם שניי און א, דעם גליטש.
אויפֿגליטשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
גליטשיק פֿון זיך אַליין. „נאָך דער אָדליגע
איז געקומען אַ פֿרעסטל און דער וועג האָט

זיך אויפֿגעגליטשט".
אויפֿגלייבונג — די, ־ען. נעאָל. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגלייבן. „די טעמפּלען האָבן מער מיטגלידער. אָבער איז דען געקומען אַן א'?"', רייד.
אויפֿגלייבן — אוטוו. גלייב אויף, ~געגלייבט.
נע ל. גלייבן ווידער, פֿונדאָסניי אָדער מיט מער ברען. „קראַנקערהייט אין שפּיטאָל, גלייבט מען אויף אין גאָט", רייד.
אויפֿגלייזן — גלייז אויף, ~געגלייזט. דזוו אויפֿגלאַזירן ←.
אויפֿגלייכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אויפֿגלײַכן (זיך).
אויפֿגלייכן — טרוו. גלײַך אויף, ~געגלײַכט
--
(~געגליכן). אויך מיט ז י ך. צוגלײַכן, אויסגלײַכן צו עפּעס וואָס איז העכער (מער). "מע קען ניט א, אַ דורכשניטלעכן טאַלאַנט צו אַ גאָון", רייד (אר).
אויפֿגלייכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו
-
אויסגלײַכן זיך ←.
אויפֿגלימערונג, ~גלימצונג — די, ־ען.

פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגלימערן, אויפֿגלימצן.

אויפֿגלימערן, ~גלימצן — אוטוו. ־ער, גלימץ אויף; ~געגלימערט, ~געגלימצט. אויפֿשײַנען מיט אַ העל און קליין פֿײַערל, אויפֿגליִען. „די פֿילע מתים־אויגן גלימצן אויף", נאַד. „מיר דוכט, כ'האָב אויפֿגעכאַפּט אַ רעיון. אין רעיון גלימערט אויף אַ זין„, הר, אין שאָטן פֿון א בוים.

אויפֿגל□ען — גלי אויף, ~געגליט. אוטוו — 1. (ווידער, פֿונדאָסנײַ) אָנהייבן גליִען. די האַלב־אויסגעלאָשענע קוילן האָבן אויפֿגעגליט. 2. אויפֿשײַנען, אַרויסווײַזן פֿײַערלעך. די אויגן גליִען אויף. עס גליט אויף די התלהבֿות. „...האָט אויפֿגעגליט די אַלטע פֿרײַנדשאַפֿט", אמד, מלכּה און הדסה, ווילנע 1869. טרוו — מאַכן עס זאָל אָנהייבן גליִען. א, אַ פֿײַער אין וואַלד.

אויפֿגליקן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. גליקט אויף, ~געגליקט. מיטאַמאָל געטראָפֿן ווערן פֿון גליק. ניט געריכט זיך, אַז עס וועט אים א'. „דען וואַש דיין חבֿר אויף גליקט איז אַז זעלבשט ביי אים קענין אַוועק נעמין דאש קען אום מיגלך גישעהן", עיון, 1/4.

אויפֿגלעזערן — ־זער אויף, ~געגלעזערט.
נעאָל. אוטוו — מיטאַמאָל בּאַקומען דעם

אויסזען פֿון גלאָז. „די אינדערפֿריִען האָבּן
אויפֿגעגלעזערט מיט בּלויען שטילן פֿראָסט“,
נאד. טרוו — מאַכן עס זאָל אויסזען ווי
גלאָז. „דער פֿראָסט האָט אויפֿגעגלעזערט דעם
סטאַוו“.
אויפֿגלענצן — גלענץ אויף, ~געגלענצט.
פֿר. דזוו אויפֿגלאַנצן ←.
אויפֿגלעקלען — ־קל אויף, ~געגלעקלט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן (אָדער דערהערן)
קלינגען אין אַ גלעקל. א, אין אַ גלעקל. “עס
האָט אויפֿגעגלעקלט פֿון דער ווײַט, עס קומט
אָן אַ שליטן“. טרוו — נעאָל. צונויפֿרופֿן
דורך קלינגען מיט אַ גלעקל. „דאָ גלעקלט
מ▯ן אויף די געסט צו מיטאָג“, רייד.
אויסגנאָיען — ־יע אויף, ~געגנאָיעט. סל.
אוטוו — אָנהייבּן אַרויסגעבּן אייטער. די
וואונד גנאָיעט אויף. טרוו — בּאַמיסטיקן;
אויפֿש▯ן מיסט.
י

אויסגנבֿענען — [...גאַ'נווענען] טרוו. גנבֿע
אויף, ~געגנבֿעט. צונויפֿגנבֿענען;
צונויפֿנעמען, צונויפֿקריגן דורך גניבֿות. א, אַלץ וואָס
קומט אונטער די הענט. א, אַן אימפּעריאַל און
אָפּזעצן אים פֿאַר אַ פּ אַטאַק.
י

אויסגע — די ווערטער וואָס מע
געפֿינט ניט מיט אויפֿגע... ← א ו י פֿ +

דעס ערשטן אות פֿון שטאַם.

אויסגעאײנסט — אדי, פּאַר אויפֿאײנסן ←.

וואָס איז (רעדט, קלינגט אע) אין אוניסאָן;
וואָס איז (געמאַכט געוואָרן) ווי אַן איינס.
„די פֿידלען רעדן אַלע מיט אַן א'ער שטים“,
אלף כּץ.

□

אויסגעאַקערט — אַדי, פּאַר אויפֿאַקערן ←.
וואָס איז פֿריש געאַקערט; וואָס דערמאָנט אין
אויסזען פֿון אַ געאַקערט פֿעלד. דאָס א'ע
פֿעלד. „קלוגשאַפֿט וויגט זיך... אין איר א,
אויג“, אפֿא, לויטער איז דער אַלטער קוואַל.
„דאָס א'ע וואַסער... אינדן ווערן געבאָרן“, י.
ראָלניק.

-

אויסגעאַרבעט — אַדי, פּאָר אויפֿאַרבעטן←.
1. וואָס איז אַ פֿרישער פּראָדוקט פֿון אַרבעט,
פֿון אויפֿאַרבעטן. די א'ע סחורה. 2. וואָס
איז אַ (גוטער) רעזולטאַט פֿון אַרבעט,
באַמיאונג(ען). דער א'ער מסחר; א'ער וואַרשטאַט.
א'ער נאָמען.

אויסגעאַרבּעטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויפֿגעאַרבּעט פֿאַרקויפֿן אַ געשעפֿט א'.
.

-

אויסגעבּאָטן — אַדי, פּאַר אויפֿבּאָטן ←.
~געבּאָטענער. וואָס מע האָט פֿאָרגעלייגט ווי
אַ פּרײַז (העכער ווי געוויינטלעך). א'ענע
מקחים.

-

אויסגעבּאַקן — אַדי, פּאַר אויפֿבּאַקן ←.
~געבּאַקענער. וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון
אויפֿבּאַקן; וואָס איז אַ פֿרישער פּראָדוקט פֿון
בּאַקן. דאָס א'ענע בּרויט, דער א'ענער
טייגעכץ.
אויפֿגעבּאָרגט — אַדי, פּאַר אויפֿבּאָרגן ←.
וואָס איז צונויפֿגענומען פֿון אַ צווייטן אויף

באָרג, צוריקצוגעבן. צוריקצאָלן דאָס א'ע געלט. א'ע בלים.

אויסגעבאָרגטערהייט — אַדוו. וואָס מע

-

אויפגעבונדן ווערן

האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעבאָרגט. פֿאַרניצן א'.

אויסגעבאַרשט — אדי, פּאָר אויפֿבאַרשטן←.
אויפֿגעפּוצט, געריייניקט מיט אַ באַרשט. א'ע האָר, וואָל.
אויסגעבויגן — אדי, פּאַר אויפֿבייגן ←.
~געבויגענער. 1. אויסגעגלײַכט, פֿונאַנדערגענומען. א'ענע פֿאַרקנייטשונגען. 2. געמאַכט אומגלײַך, פֿאַרבויגן, צונויפֿגעבויגן. פּאַפּיר, א —אין דרײַען.

,

אויסגעבויגנקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבויגן. אַן
אײַנגעדאַרטקייט און אַן א, פֿון זיקנה.

אויסגעבויגענערהייט — אַדוו.
אויסגעגליכענערהייט; אויסגעקרימטערהייט.

אויסגעבויט — אדי, פּאַר אויפֿבויען ←.
אויסגעבויט, אויפֿגעשטעלט פֿאַרענדיקט אין
,
געבוי. די א'ע הײַזער. דאָס א'ע ירושלים.

אויסגעבויטעט — אדי, פּאַר אויפֿבויטען ←.
אויפֿגעמישט, אויפֿגעשאָקלט. אַן א, פֿלעשל
מעדיצין. „ליגן וואָלקנס אָפּגעשטאָרבן, א,
גרוי און גרעל“, בראָד, אַלדאָס גוטס.

אויסגעבויטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעבויט.
א, נעמען ווידער איבערבויען.

אויסגעבונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿגעבן (זיך). ניט קיין קאַפּיטולאַציע, נאָר אַ צײַטווײַליקע א'. נעמען אויף זיך אַ שווערע א'. 2. גאַליציע. סערווירונג, איין שפּײַז פֿון אַ מאָלצײַט. אַ מיטאָג מיט פֿינף א'ען.

אויסגעבונדן — אַדי, פּאַר אויפֿבינדן ←.
~געבונדענער. 1. וואָס איז באַפֿרײַט פֿון פּענטע(ס), שטריק. דאָס א'ענע קעלבל האָט אַ שפּרונג געטאָן. „פֿון אַלע זײַטן, ווי א'ענע צעשראָקענע עופֿות, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן גויעס", דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. *האָבן (קריגן) א'ענע הענט = פֿרײַע הענט, ווידער האָבן (קריגן) די ברירה. "ווען ס' געשעפֿטל וועט זיך מיר אײַנגעבן, וועל איך צוריק האָבן א'ענע הענט", רייד. *אַן א'ענע צונג = וואָס רעדט פֿרײַ, אַ סך, שרעקט זיך ניט עפּעס אויסצוזאָגן. "פֿון אַ גלעזל ווײַן ווערט מען לעבעדיק, און די צונג ווערט א'", שע פֿונעס יאַריד II. אַן א'ענער וועקסל
*
= א') וואָס מען האָט באַצאָלט; ב) וואָס איז

בּטל געוואָרן. *אַן א'ענע פֿרוי ← דוווו.
2. צונויפֿגעבּונדן, פֿאַרקניפּט. „אַ גרויסע שעפּס ליגט א, אויף אַלע פֿיר פֿיסלעך“, פֿמ. „קיינער וועט ניט זײַן, נאָר איך מיט איר אינאיינעם, א, מיט אַ ווײַטן טרוים אַ שיינעם„, דא, געזאַמלטע שריפֿטן I. *זײַן א, = זײַן זייער חבֿריש, נאָענט, אינטים. „די נשמות פֿון דעם מאַן מיט דער ווײַבּ זײַנען א, אין דרײַ צײַטן...“, איבּז אַהרן לעווין, מקורי מנהגים, ווילנע 1873.

▯

אויסגעבּונדן ווערן — פּאַס. ספּעצ בּבּ:
1. גוט פֿאַרענדיקן שוואַנגערשאַפֿט, האָבּן אַ קינד. „אַ יונג ווײַבּ, אַן ערשטלינג, איז אויפֿגעבּונדן געוואָרן... צו פֿינף חדש▯ם נאָך דער חתונה האָט זי בּשלום געבּוירן אַ ייִנגל“, שע, פֿון כּתרילעווקע. 2. ווערן פֿרײַ (דורכן טויט

אויפֿגעבּונדנקייט

פֿון מאַן, דורך קריגן אַ גט אָדער קריגן אַ היתּר, ווען מען איז אַן עגונה). א, ווערן דורך

50 רבנים. „ער האָט תּיכּף נאָך דער חתונה אָנגעהויבּן צו קרענקען... בּיז ער איז געשטאָרבּן, און פּערעלע די דאַמע איז אויפֿגעבּונדן געוואָרן“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
3. ווערן אויס עקרה. „האָט יצחק תּפֿילה געטאָן פֿאַר זײַן ווײַב רבֿקה, וואָס זי איז געווען פֿאַרבּונדן און האָט קיין קינדער ניט געהאַט, בּיז גאָט האָט דערהערט זײַן תּפֿילה... רבֿקה איז אויפֿגעבּונדן געוואָרן און איז טראָגן געוואָרן“, מחזור לראש־השנה, סלאַוויטע 1832, יד/בּ.

אויפֿגעבּונדנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבּונדן. אַ צונויפֿגעקניפּטקייט, אַן א, פֿון אמתע חבֿרים.

אויפֿגעבּונדענערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מען איז) שוין אויפֿגעבּונדן; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבּונדן. אַװעקטראָגן די פּאַפּירן א'.

אויפֿגעבּונטעװעט — אַדי, פּאַר
אויפֿבּונטעווען ←. וואָס איז אויפֿגעשטאַנען (אויפֿגעהעצט געוואָרן) אין אַ בּונט, אויפֿשטאַנד, רעוואָלט, קעגן עפּעס אָדער עמעצן. „זינג דאָס ל◌ד פֿון א'ן ווילן,,, הל, ◌אַלטמאָדיש'. „דאָס זענען הויכע תּפֿיסות פֿון די שטעט, וואוהין

מע פֿירט די א'ע קעגן אונדז און קעגן גאָט", מאָל, חשוונדיקע נעכט.

אויפֿגעבורעט — אַדי, פּאַר אויפֿבורען ←.

אויפֿגעהעצט; אָנגערעדט צו עפּעס וואָס איז ניט גוט. א'ע צו אַ געשלעג. אַן א'ע מחלוקת, קריגערײַ.

אויפֿגעבייג

לט — אַדי, פּאַר אויפֿבײַכלען ←.

ט — דזוו אויפֿגעבויגן ←.

אויפֿגעבייכ

-

1. אויפֿגעפּאַשעט מיט אַ בײַכל; פּעט, אַרויסשטאַרצנדיק פֿולע זאַנגען וואָס שטייען א'ע — . "

מיט קערנער", ראדאָשיצקי, ליד אין אומרו.

2. האַלב־קײַלעכדיק. א'ע ברעטער.

אויפֿגעביילט — אַדי, פּאַר אויפֿבײַלן ←.

-

צונויפֿגענומען, צונויפֿגעדריקט. זיך וואַרפֿן אויף עמעצן מיט א'ע פֿויסטן.

אויפֿגעביסן — אַדי, פּאַר אויפֿבײַסן ←.

~געביסענער. אויפֿגעגעסן, אויפֿגעגריזשעט; אויפֿגעעפֿנט מיט ציין; וואָס זעט אויס ווי אויפֿגעריסן מיט די ציין. אַן א, פּעקל פּאַפּירן.

א'ענע שטיקלעך קעז.

אויפֿגעבּיקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.

אייגנשאַפֿט פֿון אויפֿגעבּן, מוותּר זײַן אויף מיינונגען, אידייען. „נאָכגעבּיקייט און א, וואָלט געמיינט אַ צוריקטריט אין אַמעריקאַנער פּרינציפּן“, יג.

אויפֿגעבּלאָזן — אַדי, פּאַר אויפֿבּלאָזן ←.

~געבּלאָזענער. 1. וואָס מע האָט אין דעם אַרײַנגעבּלאָזן לופֿט און עס גרויס (בּרייט, דיק) געמאַכט. אַן א'ענער בּאַלאָן. 2. דיקלעך, קײַלעכדיק (היפּוך פֿון דאַר, אײַנגעדאַרט). „ער וואַרויישט אונ, שון, גלײַך אויף גיבּלוזן... אויף זיין בּאקן בּרענט ער אַז צוואו רוזן“, בּבֿא־בּוך, 98. „איזט ער איין אויף גיבּלאזינר, דיקיר, אויז גישטאָפּטיר... רשע גיוועזין“, גה, 161.

3. פּוכקע, גוט אויפֿגעגאַנגען,

יוירט. אַן א'ענע בּאַבּקע. „אַ כּפּרה פֿאַר אים א אַלע הײַנטמאָדישע, אויפֿגעיוירענע, א'ענע פּאַשטעטן“, ממוס, 'שבּת'. „א'ענע מצה...איז חמץ,,, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם. *האָבּן (קריגן)

א'ענע טיטן = זײַן אין די ערשטע חדשים
פֿון שוואַנגערשאַפֿט (גראָב). *א'ענע טיטן (וועגן
בעלי־בתּים) = א) רײַכע, ברייטע, פֿעטע
בעליבתּים — לויט אַש, יוגנט; ב) חשובֿע
בעליבתּים (בעל־עגלהש).

4. אויפֿגעשוואָלן, אָנגעדראָלן. אַן א'ענע
באַק (פֿון צאָנווייטיק). 5. וואָס איז ניט עכט,
מיט אַן אָנשטעל, באַרימעריש,
גרויסהאַלטעריש. „אויף דיזיר וועלט...פֿיל אויף
גיבלאזיני...רשעים וואול גיט“, גה, 8. „געוועזן איז
דער ייִד אַן עושר, אַן אמתער, ניט קיין א'
ענער“; „איר קענט זיי אפֿשר די נאָכגעמאַכטע
פּראָפֿעסאָרן, די א'ענע ספּעצ אַליסטן מיט די
י
שוואַרצע רעק און גלאַנציקע צילינדערס“,
פּרץ. „הויך מוטיגי לײַט אַדר אויף גבלאזיני
נאַרין דיא זיך אײַן בילדין דאז זיא וואַש פֿר
שטענין“, 'כ״י ר, בער אייבשיץ', באר־שבֿע,
1742? [צינבערג, תּולדות ספֿרות י￼tראל, ￼I].

6. צעבלאָזן, פֿונאַנדערגעבלאָזן. „דער א'
ענער זײַל פֿײַער דאָרט ווערט ביז אין הימל
אַרײַן אַ הויכער לייטער“, ממוס, שלמה. „דער
פּויליש־א'ענער נאַציאָנאַליזם“, מוק. „
פֿאַרגעסט דעם א'נעם האַס„, שטריגלער. 7. וואָס

איז אומנאַטירלעך, באַמבאַסטיש, אומנייטיק אַפֿעקטירט. א'ענער סטיל. א'ע רייד, פּאָזע.

אויפֿגעבלאָזנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבלאָזן. אַן אָנשטעל, אַן א'. אַזאַ א, איז קרענקלעך.

אויפֿגעבלאָזנערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעבלאָזן; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבלאָזן. אַוועקפּלאַצן א'.

אויפֿגעבלויט — אַדי, פּאָר אויפֿבלויען ←. וואָס מע האָט ווידער געמאַכט (איז געוואָרן) בלוי (בלוילעך). א'ע הימלען. „אויגן — זינדיקער סם אין א'ער שטוינונג“, סוצ פֿײַער,

וואָגן.

אויפֿגעבלומט — אַדי, פּאָר אויפֿבלומען ←. נעאָל. וואָס דערשײַנט (באַווײַזט זיך, גייט אויף) ווי אַ בלום. א'ע האָפֿענונג. אַן אויפֿגעליכטיקט, א, פּנים.

אויפֿגעבליט — אַדי, פּאַר אויפֿבליִען ←. וואָס האָט (ווידער פֿונדאָסניַ אָדער מיטאַמאָל) אָנ , געהויבן בליִען (אָדער מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון בליִען). די א'ע וועלט פֿון פֿרילינג. א'ע

יוגנטחלומות. „די נאַכט איז פֿול מיט...בלויקייט
שטילער, א'ער“, אפֿא, טמז, 30 1960.
אויפֿגעבליטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעבליט.
„ער האָט זי געקענט אַלס קינד און דערנאָך
פֿלוצלינג זי דערזען א, אַלס מיידל,„ רייד.
אויפֿגעבליצט — אַדי, פֿאַר אויפֿבליצן ←.
וואָס קומט אויף ווי אַ בליץ. א'ע געדאַנקען,
פֿאַרלאַנגען, האָפֿענונגען.
אויפֿגעבלעטערט — אַדי, פֿאָר
אויפֿבלעטערן ←. אויפֿגעעפֿנט (וועגן אַ בוך). די א'ע
זײַטן פֿון אַלטן מאַנוסקריפּט. „אַרויפֿגעקומען
אויפֿן הר הזיתים...ארץ־ישׂראל איז געלעגן
אַן א'ע“, יוט, מאָג, 0)19 I י 25.

-

אויפֿגעבן

-

ויסגעבֿן — טרוו. גיבֿ [← אויסגעבֿן] אויף,
~געגעבֿן. 1. צוגעבֿן צו דער מאָס, וואָג;
געבֿן פֿון אויבן. א, נאָך אַן עפּל צום קוואָרט,
נאָך אַ ביסל צוקער צום פֿונט. א, היץ אין
באָד. *א, היץ = אויך: אונטערהעצן,
אָנרייצן (בײַ אַ קריגערײַ, געשלעג, מחלוקת).
2. (דרוקערײַ) צוגעבֿן, צולייגן פּאַפּיר אויף
דער דרוקמאַשין. א, נאָך בויגנס. (מאַליערײַ)
צוגעבֿן, צומישן נאָך אַ פֿאַרבֿ צו שאַפֿן די
געוואונטשענע שאַטירונג.
3. אַרײַנגיסן עסן פֿון טאָפּ אין טעלער
און דערלאַנגען צום טיש [אין לד ניטאָ]. ווען
וועט מען שוין א, די יויך? „מע גיט אַלעמאָל
אויף אַ נײַ געקעכטס און ווידער אַ נײַמאָדיש
גערעכטס“, עט, לידער. „רבה בר בר חנאס
פֿעטע גענדזלעך...ווערן אויפֿגעגעבֿן צום
ברילי‌אַנטענעם טיש אויף גינגאָלדענע
פּאָלימעשקעס“, ממום, ווינטשפֿ. „איר האָט שוין געזען
אַמאָל מ'זאָל א, פֿריִער דעם צימעס און
דערנאָך דאָס פֿלייש?“, באַש פֿאָר, 29 1960 I.

4. אַוועקשיקן מיט דער פּאָסט (אוקר,
גאַליציע). א, אַ בריוו, אַ פּאַקעט אע. „דער וואָס
האָט אויפֿגעגעבֿן די בריוו האָט געמוזט נעמען

פֿון דער פּאָסט ראַספּיסקעס און צאָלן פֿינף קאָפּ',,, קמ, 28 1864, No.

5. אַוועקשיקן מיט דער באַן, מיט אַ שיף (ווי באַגאַזש פֿראַכט). א, די גאַנצע סחורה

'

אויף דער שיף. ,,דער קורירצוג קומט אָן... מע דאַרף נעמען בילעטן, א, דעם גאַנצן באַגאַזש", שע, זומער־לעבן.

6. אָנגעבן, אָנווייזן, אינפֿאָרמירן, דעקלאַרירן (פּרייז, ווערט). א, דעם מקח. א, דעם אינהאַלט פֿון בריוו, מעלדונג אאַזוו. א, וואָס עס געפֿינט זיך אין פּעקל. ,,זיי האָבן שטאַרק חשק געהאַט, איך זאָל זיי א, מיין אַדרעס", שע, מאַריענבאַד. ,,די גמרא גיט אויף דאז דער נביא שלמה המלך ע"ה זיין ספֿר משלי האָט געמאַכט ברוח הקודש", לט1, 1/56.

7 פֿאָרלייגן פֿאָרשלאָגן. ,,אָט ערשט פֿאַר

' .

עטלעכע יאָר האָט מען אויפֿגעגעבן, מען זאָל מאַכן אַ טעלעגראַף פֿון ענגלאַנד קיין אַמעריקע", קמ, 10 1865, No. ,,איך האָב זיי טאַקע נאָך אַ פּלאַן אויפֿצוגעבן, זייער אַ גוטן פּלאַן", ממוס, טאַקסע. ,,דעם פּלאַן האָט אויפֿגעגעבן דער שדכן", פּרץ, ,דער פֿעטער שכנא און די

מומע יאַכנע'. "פֿון וואַנען שטאַמט דאָס געשעפֿט און ווער האָט דאָס אויפֿגעגעבן?,,, שע, מנחס־מענדל.

8. פֿאַרגעבן אַ לעקציע, הייסן עפּעס טאָן ווי היימאַרבעט. א אַן איבערדערציילונג, אַ

,

קאָמפּאָזיציע, אַ מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע אאַזוו. ,,מע האָט אונדז הײַנט אין שולע אויפֿגעגעבן אַ שווערע רעכענונג", דוד פֿרישמאַן, קלייניקייטן, 1894.

9. אינסטרואירן אָדער באַפֿעלן עפּעס צו טאָן, דורכפֿירן. א, דער גרופּע אַ מיסיע. א, אַן אויפֿטראָג, אַ קאָמיסיע, אַ שליחות.

()10. מוותּר זײַן אויף עפּעס, זיך אָפּזאָגן. "וואָס ווילט איר? איך זאָל א, דעם גרעסטן אידעאַל פֿון דער וועלט?", שע, אין שטורעם. ,,...אויפֿגעגעבן דעם ציל צו ווערן אַ למדן און אַ חסיד", אָש, תּהילים־ייִד. ,,זײַן חלק אין

אויפֿגעבעט

אַ סוף־זומערדיקער וואָך וועט פּענעק שוין

דודקא געוויס ניט א'", בערג, בײַס דניעפּער I.
"זאָלן מיר אַלץ א, און פֿאַרשווינדן?",
שטריגלער. "יוד, דוא מושט אויף געבן...דײַן לעבן",
ס□ר משליס, פֿפּ□מ, □)168, ז, כז.

11. אינגאַנצן פֿאַרלירן, ניט האָבן מער עפּעס וואָס איז (געווען) טײַער. א, די האָפֿענונג, דעס בטחון, דעם גלויבן. א, די־וועלט און יענע־וועלט.

12. ליקווידירן. א, אַן ארנטערנעמונג. "צו ענדע זומער האָט מען דעם פֿאַכט אויפֿגעגעבן", קאַצאָוויטש. „למאַי זאָל איך מוזן א, די ביזנעס?", נאַד. „וי האָט געמוזט א, די היים אויף דער איסטסײַד", מעצקער.

13. רעזיגנירן. א, אַן אַמט, אַ שטעל. א, דעם טראָן.

14. קאַפּיטולירן, (זיך) אונטערגעבן. א, די פֿעסטונג. א, דעם קאַמף. „מיר האבן אײַך גיבעטן דש איר זאָלט דעם (אליפֿורגי) דיא שטאַט אויף געבן", קהלת שלמה, אמשט 1744.

15. אַראָפּלאָזן, אָנווערן. א, צען פּראָצענט.

□

אויסגעבעט — אַדי, פֿאַר אויפֿבעטן II ←.

1. פֿאַרבעט, צוגעבעט, איבערגעבעט,

געבראַכט אין אָרדענונג (געלעגער) ווי עס דאַרף זײַן בײַטאָג. "...צוויי הויך־א'ע בעטן, אינדערמיט אונטער אַ הענגלײַכטער אַ טיש...", פּרץ, דראַמ, שריפֿטן פֿלעגט ער אַפֿילו נישט

.,,

באַמערקן, ווי די צוויי געלע בעטן...שטייען נאָך נ□שט א'", ווײַס, 'בײַם איידעם אויף קעסט'. 2. צוגעגרייט צום גיין שלאָפֿן. ,,נון ווען ער [פּרײַטיק־צונאַכט פֿון שול] איין היים קומט, אונ, פֿינט זײַן טיש גאַר שין גיריכט... אונ זייני ליכט די ברענין שין אונ העל, אונ זיין בעט איז שין אויף גיבעט...", לט 1, 1/55.

אויפֿגעבעטלט — אַדי, פּאַר אויפֿבעטלען ←.

וואָס איז צונויפֿגענומען דורך בעטלען. א'ע גראָשנס, שטיקלעך ברויט.

-

אויסגעבעטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין אויפֿגעבעט. "איר קענט זיך לייגן, די ב□□ט שטייט א'", רייד.

-

אויסגעבעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגעבן (פֿאַרשיידענע

בּבֿ) מיט בּײַטעם: עפּעס וואָס איז שווער אָדער גערדויערט לאַנג.

אויפֿגעבֿער — דער, ־ס. 1. ווער עס גיט עפּעס אויף (אויך מיט וונ ־ין, ־קע, ־ס). אַן א, פֿון אַ מיסיע, פֿון אַן אונטערנעמונג. „אַ גרינגער א, איז אַ שווערער פֿאַרדינער“, שוו. 2. (דרוקערײַ) ווער עס לייגט אַרויף (אַרײַן) די בּריגנס א￼יף (אין) דער דרוקמאַשין פֿלעגן

„.

א￼נטערלייגן פּאַפּיר...די א'“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, 1844. אויך דער וואָס גיט צו פֿאַרבּ בּײַם דרוקן. פּנקס פֿון ייִד, דרוקער אין פּוילן, וואַרשע 19￼9. 3. אויפֿגאַבֿער, ← אויפֿגאַבֿניק.

אויפֿ￼עבֿעדגלט — אדי, פּאָר אויפֿבֿערגלען ←. וואָס איז צונויפֿגעשאָטן אין אַ בּערגל (אָדער זעט אויס ווי אַ בּערגל). א'ע שטיינער. „זײַן שאַרבֿן זעט אויס פֿאַרריסן, א, און גלאַנציק געל“, הל, אויף צאַרישער קא￼ו￼ר￼ע

אויפֿגעבעריַי — דאָס & די, ־ען. טואונג
אָדער אייגנשאַפֿט פֿון אויפֿגעבן (געוויינטלעך

4()8

בב 10־l5). ,,צינישע א'‘‘, יג, טמן, 2 1954 ▯ I.

▯

אויסגעבעריש — אַדי. וואָס איז גרייט
(גרינג) אויפֿצוגעבן. ,,אָן אַ חוט־השדרה
אָדער אַן אמונה אין מען א, און גרייט צו
רעזיגנירן‘‘. א'ע קאָמפּראַמיסן.

▯

אויסגעבראָטן — אַדי, פּאַר אויפֿבראָטן ←.
~געבראָטענער. 1. פֿריש צוגעגרייט דורך
בראָטן. א'ענע לעבערלעך. 2. אויפֿגערעגט,
אויפֿגעקאַכט. אויפֿשפּרינגען אַן א'ענער.
-

אויסגעבראַכט — אַדי, פּאַר
אויפֿברענגען ←. 1. דערצויגן אאַ בב. שלעכט א'ע
קינדער. 2. אויפֿגערעגט; דערצאָרנט,
דערצערנט; שטאַרק אין כעס. ,,איך האָב זיך

אַנידערגעזעצט...אַ פֿאַרזאָרגטער, אַ
צעטראָגענער, שטאַרק א, אויף מיר טאָקע אַליין“,
ממוט, שטורעמצײַט. □——. מיר האָבן אויך אַ
חלק אין גלופּסק! — לאָזן זיך הערן קולות
פֿון שרעקלעך א'ע“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. „איז
דער טאַטע אַרומגעגאַנגען שרעקלעך א'“, ווײַס,
'דער איבערגאַנג'. “שטייט ער שטענדיק אין
מלחמה קעגן פֿאָלק דעם א'ן“, אַל, 'מתּי
המוכם,.

-

אויסגעבראַכט ווערן — נייטראַל. ווער א',
בין געוואָרן א'. ← דפֿוו, ב2. „עס האָט
געשטורעמט, געבליצט, געדונערט, גלײַך ווי דער
אייבערשטער איז שטאַרק א, געוואָרן אויף
דער זינדיקער ערד“, ממוס, מטעות. „דאָ
ווערט דער געלער א', קריצט מיט די ציין, דאָס
פּנים צעפֿלאַמט זיך אים“, ווײַס, 'קריינדעלע'.
„זי ווערט פֿון רגע צו רגע אַלץ מער א, —
דאָס פֿילט זיך אין איר שווערן אָטעם„, בערג,
בוו□ן דניעפּער □

אויסגעבראַכטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויפֿגעבראַכט. שרײַען, גוואַלדעווען א'. א אַ קלאַפּ

טאָן מיט דער טיר און אַנטלויפֿן.

אויסגעבראַכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבראַכט. אַן
אויפֿגעבּרויזטקייט, אַן א'.

אויסגעבראָכן — אַדי, פּאַר אויפֿברעכן ←.
~געבראָכענער. וואָס מע האָט געעפֿנט אָדער
צעבראָכן איבערגוואַלד, מיט כּוח. אַן א'ענע
טיר, א'ענער שלאָס. „....און, מיר גוויזן וויא
דיא קישט איז אויף גיבּראכן גיוועזן“, שו“ת
אבֿן שהם פֿפֿמ...169. ניט־א'ענע ערד = נאָך

קיינמאָל ניט געאַקערטע ערד.

אויפֿגעבראָכענערהייט — אַדוו. ווען עס

איז (מע האָט) שוין אויפֿגעבּראָכן. געפֿינען
דעם שלאָס א'.

אויפֿגעבּר□ גזט — [...בּרוי'געזט] אַדי, פּאַר

אויפֿבּר□ גזן ←. וואָס מע האָט (אים) בּרוֹגז
געמאַכט. אַרומגיין אַן א'ער.

-

אויסגעבּרויזט — אַדי, פּאַר אויפֿבּרויזן □ ..
אויפֿגעקאָכט, אויפֿגעהיצט, אויפֿגעשטורעמט.
"וו אַ קעסל א', לויפֿט די לילית מיט דער
,
פֿריסט", פּרץ, לידער און פּאָעמען. „ער האָט
זיך נעכט געוואַלגערט אַ וואכער אויפֿן האַרטן
געלעגער, אַן א'ער, אַ צערייצטער", סיימאָן,
צווייגן. "דער המון פֿון מאָרד־בּאַגער אַן א'ער.
,
גענומען האַט די גאַנצע שטאַט
אַריבּערשוועונק□ן", חג, שדין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן
אויסגעבּרויזטקייט — די (דאַס), ־ן.

אייגנ□
אויפּגעגעבּן

שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעבֿרויזט.
אַ צעהיצטקייט, אַ צעקאָכטקייט, אַן א..

□

אויסגעבֿרידערט — אַדי, פּאָר אויפֿבֿרידערן
זיך ←. וואָס איז פֿרײַנדלעך, נאָענט געוואָרן
ווי בֿרידער. א'ע אין נויט, אין אומגליק.

□

אויסגעבֿריט — אַדי, פּאַר אויפֿבֿריִען ←.
אדיפֿגעקאָכט; באַגאָסן מיט קאָכעדיק וואַסער.
א'ע מילך. „ער עסט האַלבֿ־רויע, א'ע אייער“,
רייד.
אויפֿגעבֿריל — דער, ־ן. נעאָל.
פּלוצעמדיקער, מיטאַמאָליקער בֿריל (פֿון אַ לייבֿ) „און
אין א', אין סאַמע מרבּרס געלע זאַמדן, פֿון
אַ לייבֿ, בשעת ער זעט...“, אצג
פֿאַרנאַכטנ,
גאָלד.

□

אויסגעבֿרענגט — פּאָר אויפֿבֿרענגען←.

□

אויסגעגאַנגען — אַדי, פּאַר אויפֿגיין ←.

מיט פֿאַרשיידענע בבֿ. ספּעצ: וואָס הייבט זיך אויף דורך יוירונג, וואָס קומט פֿון אונטן, פֿון אינעווייניק. ,,....זעען אויס ווי גוט א'ע חלות מיט ראָזשינקעס אינדערמיט“, דטש, דוקאָר. ״לויכט ערשט אויף זײַן אָנהייב פֿאַרן פֿאָלק און לאַנד אין עקסטאַז אין א'עם,,, אַל, 'יהודה המכּבּים טויט'. ,,זיסער פֿון די זיסטע סמען זײַנען זינגענדיקע גראַמען; זעמלבּרויט פֿון בּעסטן סאָרט איז דאָס א, וואָרט“, ראָלניק, 'אַ שפּעטער עפּל'.

□

אויסגעגאַנגענערהייט — אַדוו. וואָס איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿ□ן זײַן) אויפֿגעגאַנגען□ ,,וואָס רוקסטו דאָס געבּעקס אין אויוון ניטא'□“, רייד.

□

אויסגעגאָסן — אַדי, פּאַר אויפֿגיסן ←. ~געגאָסענער. וואָס מע האָט (אויף דעם געגאָסן. אַ בּראָטן מיט א'נעם ווײַן. א'ענע זאַפֿטן. א'ענער בּראָטן, א, פֿלייש.

אויפֿגעגזלט — [...גאַזלט] אַדי, פּאַר

אויפֿגזלען ←. וואָס מע האָט (קריגט) דורך גזילה. א, געלט, א'ער פֿאַרמעגן.
אויפֿגעגלאַנצט — אַדי, פּאַר אויפֿגלאַנצן←.
וואָס באַווײַזט זיך מיטאַמאָל מיט אַ שײַן, אַ גלאַנץ. א'ער שטערן, א'ער געדאַנק. "דעו א'ער מוח און באַפֿרײַטער ווילן פֿון גאָר דער וועלט,,, חג.
אויפֿגעגליט — אַדי, פּאַר אויפֿגליִעז ←.
וואָס האָט גענומען גליִען. א'ע קוילן. א'ע האַפֿענונג.
אויפֿגעגלײַכטקייט — די (דאָס), ־ן. [ל2 פֿאַרן באַגריף גלײַכונג] אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעגלײַכט (← אויפֿגלײַכן). די א, פֿון רעכט.
אויפֿגעגליכן — אדי, פּאַר אייפֿגלײַכן ←.
~געגליכענער. וואָס איז אויסגעגליכן אויף אַרויף, אויף העכער. א'ענע נעגערס. ,, אויסגעגליכענע אין רעכטלאָזיקייט זײַנען איצט אריפֿגעגליכענע אין פֿרײַהייט", רייד.

--

אויפֿגעגנבֿעט — [...גא'נוועט] אַדי, פּאַר אריפֿגנבֿענען ←. צונויפֿגענומען, צונריפֿ

עקריגן דורך גנבֿענען. א'ע שטיקער סחורה. א'ע
צירדנג.

-

אויפֿגעגעבן — אַדי, פּאַר אויפֿגעבן ←.
~געגעבענער. מיט פֿאַרשיידענע בכּ פֿון
ווערבֿ. טפּעצ אַוועקגעשיקט, אָפּגעגעבן,
פֿארגעבן. אַן א'ענע פּראָבלעם. (קען אויך האָכן

אויפּגעגעסן

היפּכדיקע בכּ: א'ענער פּלאַן = א) פּלאַן וואָס
מע דאַרף מאַכן אָדער דורכפֿירן, בּ) וואָס מע
זאָגט זיך אָפּ פֿון אים). „די א'ענע זאַכן וועלן
צוריקגעגעבן ווערן פֿון דער אויפֿגאָבֿ־
סטאַנציע“, קמ, 8 1866, No, מודעה. סוב: „דער
פֿאָלקסווילן טאָר ניט זײַן דאָס פֿאַראַנענע,
דאָס געגעבענע, נאָר דאָס געזוכטע, דאָס
א'ענע“, ימ, נײַס, 1926.
אויפֿגעגעסן — אַדי, פּאַר אויפֿעסן ←. ~
געגעסענער. אויך: פֿאַרצערט, אויסגעגעבן אויף

עסן און אַנדערע הצטרכותן. אַן א'ענע ירושה.

אויפֿגעגראַבלט — אַדי, פּאַר

אויפֿגראַבלען ←. וואָס איז (מע האָט) צונויפֿגענומען גראַבלענדיק (מיט די הענט, מיט אַ גראַבליע). דאָס א'ע מיסט.

אויסגעגראָבן — אַדי, פּאַר אויפֿגראָבן ←. ~געגראָבענער. וואָס מע האָט געעפֿנט גראָבנדיק; וואָס מע האָט געפֿונען בײַם גראָבן. אַן א'ענער קבֿר; אַן א'ענער אוצר; אַן א'ענע שטאָט.

אויסגעגראָבענערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין (אָדער איז שוין) אויפֿגעגראָבן.

אויפֿגעגרוילט — אַדי, פּאַר אויפֿגרוילן ←. פּלוצלינג דורכגענומען מיט גרויל. „איך זע אַן א'ער: דאָס צאַרטסטע וועלקט און געלט אין טויטקייט אין צעפֿוילטער“, אַל I, ' רעפֿלעקסיעס'.

אויפֿגעגרוילטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעגרוילט.
„דאָס איז געווען מער ווי שרעק, ס'איז געווען
אַן א, וואָס האָט געליימט„.

□

אויסגעגריזשעט — אַדי, פּאַר
אויפֿגריזשען ←. פּפֿ: ~געגריז(י)עט. 1.
ביסלעכווײַז אויפֿגעגעסן דורך בײַסן מיט די
פֿאָדערשטע ציין. א'ע שטיקלעך ברויט. 2.
צעפּײַניקט, צעמאַטערט פֿון נאָגענישן, יאַדענישן.
„אַן אויפֿגעיאַדעטע, אַן א'ע בין איך„, אָגוז.

□

אויסגעגרינט — אַדי, פּאַר אויפֿגרינען ←.
וואָס איז מיטאַמאָל (אומגעריכט, פֿונדאָסנײַ)
געוואָרן גרין. „די א'ע, אויפֿגעפֿרישטע בערג
פֿון יהודה“, אפֿא, טמז, 13 II 1953.

□

אויסגעדונגען — אַדי, פּאַר אויפֿדינגען ←.
צונויפֿגענומען, צונויפֿבאַקומען נאָך אַ דינגען,
אויסדינגען. א'ענע אַרטיקלען.

אויסגעדעקט — אַדי, פֿאַר אויפֿדעקן ←.
1. וואָס איז אָפֿן, אַנטפּלעקט (נאָכן
אַראָפּנעמען עפּעס וואָס האָט עס צוגעדעקט). „דריי
געטרענק זײַנען אָסור, אַז זיי שטייען א.:
וואַסער, ווײַן און מילך...וויפֿל זאָלן זיי זײַן
א, און זאָלן ווערן אָסור?“, זרעים, עט/א.
„דאָס האַרץ...זײַנס [= בּרוסט] אינגאַנצן א',,,
ווײַס, 'דער אָרעמער יונג'. 2. ניט צוגעדעקט.
“מע געהער ניט צו מאַכן די בּרכה אויף דעם
של־ראָש, בּשעת דער קאָפּ איז א', רק מע זאָל
פֿריִער צודעקן מיט דער אַרמיקע“, ספֿר
,
שלחן ערוך, חלק בּ [אָנהייבּ 19. יה]. „ס'ליגט
א, די שאַרף פֿרן מעסער, ליגט נאַקעט א, —
פֿאַר ווּעמען?“, הל, טרעבּלינקע... 3. אַנטדעקט;
אויסגעפֿונען. דער א'ער אינדזל. דאָס א'ע
געזעץ פֿון דער נאַטור.
אויפֿגעדעקטערהייט — אַדוו. ווען עס

איז (מע האָט) שוין אויפֿגעדעקט; אין מצבֿ

. זײַן אויפֿגעדעקט. טראָג עס ניט א'.
פֿו
אויסגעדעקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעדעקט. אַ נאַקעטקייט, אַן א.. „דאָס ברעקעלע א, און דאָס שטיקעלע אמתדיקייט...האָט אים געמאַכט סימפּאַטיש, מענטשלעך“, י. יאַנאַסאָוויטש, מיט ייִדישע שרײַבער אין רוסלאַנד.
אויפֿגעדראָלן — אַדי. וואָס ווערט בולט, אַרויסשטאַרצנדיק, אָנגעלאָפֿן, אויפֿגעגאַנגען. צווײַגן מיט א'ענע קנאָספּן. „ווי דאָס בלוט אין די א'ענע בלויע אָדערן“, בעל־מחשבו נ III.
אויפֿגעדרודלט — אַדי. צעטומלט, אויפֿגערודערט. „ער האָט אויסגעזען אַ ביסל צעדרייט, די אויגן רויט און א', דאָס פּנים בלאַסלעך„, בערג, בײַם דניעפּער II.

אויסגעדריי — דער, ־ען. נעאָל. געווירבל (פֿון וואַסער, שניי, שטויב אע) וואָס דרייט זיך שטורעמדיק אַרויפֿצו. „איבער די ימען —

אַן אויפֿשטײַגונג פֿון אָפּגרונטן, איבּער די מדבּריות — אַן א, פֿון זאַמדן,,, הל, 1923.

-

אויסגעדרייט —, אַדי, פּאַר אויפֿדרייען ←. צונויפֿגעדרייט אָדער פֿונאַנדערגעדרייט, אָפּגעדרייט. אַן א'ער קראַן. ,,אויף די בּלויע ליפּן מײַנע א, געלעגן זײַנען ווערטער ווי די שלאַנגען“, יהואָש, 'דער הייליקער,. ,,זײַן האַנט — אַן א'ער דאָרן“, הר, אין שענטט טאָג פֿון האַרבּסט.

-

אויסגעדרייטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעדרייט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעדרייט. ליגן א, אין דרײַען. אַוועקטראָגן די שטריק א'.
אויפֿגעדרייטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעדרייט. אַ צונויפֿגעקנוילטקייט, אַן א'.

אויסגעדריקט — אַדי, פּאַר אויפֿדריקן ←.
אויפֿגעפּרעסט; צונויפֿגעדריקט. „טראָגט אויף זיך די...חתימה, א, פֿון בוראס פֿינגער“, יהואָש, ,נאַקעטע נשמות'. „די קליינע ליפּלעך א, פֿון שטילן צער„, דא, שטילע געזאַנגען.
אויפֿגעדריקטערהייט — אַדון. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעדריקט. א, זעט מען עס בולטער.

אויסגעהאָדעוועט — אַדי, פּאַר אויפֿהאָדעווען ←. אויפֿגעפֿיטערט, אויפֿגעפּאַשעט; אויפֿגעכאָוועט, אויפֿגעצויגן. א'ע קינדער. „דער רבי...האָט געהאַט היפּשע מנינים [חסידים] אייגענע א'ע און גוט־דורכגעהאָרעוועטע“, לדב, 392.
אויפֿגעהאָדעוועטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין אויפֿגעהאָדעוועט. צוריקגעבן דאָס קינד א'. קוילען די אינדיקעס א'.
אויפֿגעהאַלטן — אַדי, פּאָר אויפֿהאַלטן ←.
~געהאלטענער. מיט פֿאַרשיידענע בבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ. אונטערגעשטיצט פֿאַרזאָרגט

,
מיט לעבּנסמיטל; לאַנג, געדויערדיק געהאַלטן;
פאַרהאַלטן; אויפֿגעהיט פֿון אונטערגיין. א'ענע
קרובֿים; א'ענע קרובֿישאַפֿט; דאָס א'ענע לעבּן;
א'ענער כּעס. מש פאַרטײַטשט 'ואפֿס עצור
ועזרב, (דבריס, לבּ, 36) ,,אויף גיהלטינר“.

□ □

אויפּגעהויפּט

אויפֿגעהאַלטן ווערן — פּאַס. ווער א', בּין
געוואָרן א.. ← אויפֿהאַלטן. הויפּט־בּ:
פֿאַרהאַלטן ווערן, בּלײַבּן אין מיטן; אָפּגעלייגט ווערן.
“משה האָט מתפלל גיוועזין אונ, דיא תּפֿילה
איז אויף גיהאלטין גיווארן כּמה ימים“, נצ1,
ויקראָ, ג/א. ,,די נסיעה וואָלט חלילה א,
געוואָרן“, ממוס, מסעות. “זענען די מחותּנתטעס
נישט פֿאַרטיק...מוז אַ גאַנץ ציבּור, די הייליקע
תּ□רה א, וו'“, צעד.
ו
אויסגעהאַנגען — אַדי, פּאַר אויפֿהענגען ←.
די א'ע בּילדער. ,,וואָס האַלטסטו א, די נאָז
אויף דער קווינטע?“, שע, פֿון צוויי וועלטן.
,,ס'איז מײַן גורל א, אויף דער בּלוטיקער

לבֿנה,,, פּמ, קופּע. פּפֿ: ~געהאָנגען.

אויפֿגעהאַנגענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעהאַנגען; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגעהאַנגען. א, ווערט זיך עס גיכער
אויסטריקענען.

אויסגעהאַקט — אַדי, פּאַר אויפֿהאַקן ←.
אויפֿגעעפֿנט דורך האָקן; געמאַכט ליידיק דורך
האַקן. א, אײַז; א'ע טיר. ,,אָפּענע
געוועלבלעך האָבן ווי א'ע לעכער געקוקט שוואַרץ
אן מאַרק אַרײַן", אַש, תּהילים־ייִד.

אויסגעהאַקטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעהאַקט; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגעהאַקט. א, זעט עס אויס ווי אַ
פֿיסק פֿון אַ חיה.

אויסגעהאָרעוועט — אַדי, פּאָר
אויפֿהאָרעווען ←. באַקומען, צונויפֿגעקריגן דורך
האָרעווען. אַן א'ער פֿאַרמעגן.
אויפֿגעהויבן — אַדי, פּאַר אויפֿהייבן ←.

~געהויבענער. מיט פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון
ווערבֿ. ס פּ עצ: 1. וואָס איז געוו ע נדט
אַרויפֿצו, אין דער הייך. ,,...קלאָגן מיט א'ענע
אויגן צום בּאַרעמהאַרציקן, געטרײַען
פֿאָטער אין הימל'', ממוס, קליינמענטשעלע.
2. גײַסטיק דערהויבן, שטאַרק אויפֿגעלייגט.
,,וואָרן דער רבּי זאָל לעבן איז נאָכן דאַוונען
זייער א, געווען [אין לק טעקסט: ,היה בּחדווה
גדולה'] און דער שמועס זײַנער איז געווען
מיט שרעקלעך דבֿיקות'', יפּ. ,,דער שבּת איז
מיט גרויס שׂמחה און גדולה געוועזן, זייער
אַן א'ענער שבּת'', 'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ].
־'דער פֿעטער האָט געהאַט פֿאַרשידענע זמנים,
אַמאָל איז ער געווען א, פֿריילעך און
אויפֿ,
געלייגט'', לדבֿ, 56. 3. אָפּגעשאַפֿט, פֿעליק.
מלל פֿאַרטײַטשט 'ותהי האמת נעדרת, (ישעיה,
נט, 15) ,,אויף גיהויבּן'' [תּי: ,,דער אמת
פֿעלט''].

▯

אויסגעהויבּנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעהויבּן. ,,

איבֿערן טײַך הייבֿט זיך אָן צו בֿערגלען דאָס
וואַסער מיט עפּעס אַ געבֿלאָזנקייט און א,“,
ווײַט, ,דער איבֿערגאַנג'.
אויפֿגעהויבֿענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעהויבֿן. ,,טאַטע, א,
ו□על איך קענען זען דעם פּאַראַד“, רייד.

□ □

אויסגעהויסט — אדי. אַרכ. אָנגעבֿלאָזן,
אָנגעפֿוישט. אין פֿאַרבֿינדונג מיט נאַר =
גרויסער נאַר. “[ווער עס וואַרפֿט אַוועק עפּעס וואָס
האָט אַ גרויסן ווערט און בֿאַהאלט וואָס האָט
ניט קיין ווערט] דער ווער יוא איין גרושר אויף

□ □

אויפּגע□הויפֿנט

ג □ויפֿטר □.. אונ איין משוגע,,, לט1, 1/116.
י

אויסגעהויסנט — אַדי. > הויפֿן. נעאָל.
צונויפֿגענומען אין אַ הויפֿן. ,,מיר טראָגן אין
די הענט א'ע אונדזערע אייגענע קעפּ

פֿרישג אָכטענע,,, הל, 1921.

אויסגעהורבעט — אַדי, פֿאַר אויפֿהורבען←.
צונויפֿגענומען אין אַ קופּע, הורבע. ,,די
געלפֿאַרוועלקטע בלעטער וואָס ליגן א, נאָך דעם
טריבן רעגן־וועטער‘‘, הר, אין שענסטן סאָג
פֿון האַרבסט.

אויפֿגעהיט(ן) — אַדי, פֿאַר אויפֿהיטן ←.
[אין לד אָן ן] ~געהיטענער. אָפּגעהיט, וואָס
מע האָט באַוויזן צו דערהיטן. א'ע(נע) אוצרות.
,,א'ע אין אַ בוך־פֿאָרעם,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער II.

אויסגעהיטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
(מע האָט) שוין אויפֿגעהיט; אין מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעהיט. האַלטן טײַער א'.

-

אויסגעהײַטערט — אַדי, פֿאַר 'אויפֿהײַטערן'.
אויפֿגעלייגט, אין אַ פֿריילעכער שטימונג. א'ע
זיך אַוועקלאָזן אויפֿן שפּאַציר. ,,אַן א'ער דורך
אַלע גלידער‘‘, הל, 'די ביימער בליִען בלוי'.
,,דאָס שטאַמל איך פֿאַר זיי...א', וואָס פּאַסט
גאָרניט פֿאַר מיר, אַן אַלטן גרויען גרײַז‘‘, מל,

אַ וואונד, ־קייט.

, .

אויפֿגעהילכט — אַדי, פּאַר אויפֿהילכן ←.
,,...זייער שטומקייט אויפֿצוקניפּן מיט דעם
א 1 וואָרט", מל, 'זיידעס מײַנע'.
אויסגעהיצט — אַדי, פּאַר אויפֿהיצן ←.
אויפֿגערעגט, וואָס איז מיט היץ. א'ע רייד.
אויפֿשפּרינגען אַן א'ער. אויך: ~געהיצלט,
נס — אַ ביסל אויפֿגעהיצט.

-

אויסגעהיצטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעהיצט.
מיט רוגזא און א'.
אויפֿגעהיצלט — אַדי, פּאַר 'אויפֿהיצלען'.
אויפֿגערעגט, אויפֿגעקאָכט, אויפֿגעהיצט (מיט
בּ יול). ו ט — אַדי, פּאַר אויפֿהעלן ←.
י היצ(ע)ל = הינטשלעגער.
אויסגעהע
וואָס ווערט מיטאַמאָל ליכטיק(ער), העל(ער).

דער א'ער טאָג. „דו האָסט דײַן קאָרט געזוכט אין רעגונג א'ער„, מל, 'בײַם קאָרטנטיש„.

„דער שאָטן פֿון אַ מיסטישן משיח, דער שאָטן פֿון אַן א'ער און פֿאַרלאָשענער האָפֿענונג“, ימ.

אויפֿגעהענגט — ← אויפֿגעהאַנגען.

אויפֿגעהעצט — אַדי, פּאַר אויפֿהעצן ←.

וואָס ווערט דורך רייד (מעשׂים) געשטויסן צו גוואַלדטאַטן, צו רשעות. „דער א'ער המון נעמט ברעכן שויבן“.

אויפֿגעהעקלט — אַדי, פּאַר אויפֿהעקלען ←.

„בײַ איינעם איז די זשופּיצע געווען א, און ס'האָט זיך געוויזן אַ טלית־קטן„, באַש פּאָר,

,

.XI 19▯0 25

-

אויסגעהערט — אדי, פּאַר אויפֿהערן ←.

וואָס איז מער ניטאָ, וואָס ווירקט ניט מער. א'עווייטיקן. „אויסגעשעפּטע איצטער ליגן זיי ווי אַ קוואַל אַן א'ער“, ב. לאפּין, צייכנס.

-

אויסגעוואַכט — אַדי, פּאָר אויפֿוואַכן ←.
וואָס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, וואָס
איז אינגאַנצן וואַך געוואָרן. א'ער געוויסן, א'ער
זכּרון. „ער האָט דערפֿילט אין זיך אַן א'ע

קראַפֿט“, ממוס, שלמה. „וואַנדער איך אַזוי
מיט מײַנע טרוימען, האַלבֿ אין שלאָף און
האַלבֿ ווי א'“, דא, וויאָלעט. „אין געדראַנג
פֿון נאָך־ניט־א'ע גופֿן...“, הל, אַלטמאָדיש'.

,

אויסגעוואַכטערהייט — אַדוו. ווען עס
(מען) איז שוין אויפֿגעוואַכט; אין מצבֿ פֿון
זײַן אויפֿגעוואַכט. אַפֿילו א, ניט וויסן וואו
מען איז אין דער וועלט.

אויסגעוואַקסן — אַדי, פּאַר אויפֿוואַקסן ←.
~געוואַקסענער. אויך: ~געוואָקסן. 1. וואָס
איז אַרויסגעוואַקסן, אויפֿגעקומען. א'ענע

קערנער. „די א'ענע פֿון תּרומה איז אַזוי ווי
תּרומה, און די א'ענע פֿון די א'ענע איז שוין
חולין“, זרעים, פּ/בּ. *נאָך פֿון דער ערד ניט
א, = נאָך קליין, אָן דערפֿאַרונג (געזאָגט צו
נישט אינגאַנצן דערוואַקסענעם וואָס מישט יך
אין עפּעס אַרײַן). 2. וואָס האָט דערגרייכט
ד : I מאַקסימום אין וואַקסן. די א'ענע קינדער.
אויסגעוואַקסנקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעוואַקסן
אַ סימן פֿון א, פֿון צײַטיקייט. פּסיכ, ט,.
-
,
אויסגעוואַקסענערהייט — אדוו. ווען עס
(מען) איז שוין אויפֿגעוואַקסן; אין מצבֿ פֿון
זײַן אויפֿגעוואַקסן.
-

אויסגעוואַרעמט — אַדי, פּאַר
אויפֿוואַרעמען ←. וואָס איז (אַ ביסל) אָנגעוואַרעמט.
א'ע קאַשע האָט ניט קיין טעם. „אַן אַלמן איז
וו אַן א'ער טשאָלנט“ פֿוול.
—
,
י

אויסגעוואַרעמטערהייט — אַדוו. ווען
עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעוואַרעמט. עס

ניט קאַלטערהייט, עס א'.

-

אויסגעוואָרסן — אַדי, פּאַר אויפֿוואַרפֿן ←.
~געוואָרפֿענער. 1. פֿאָרגעוואָרפֿן,
פֿירגעהאַלטן. א'ענע חטאָים. 2. צוזויפֿגעוואָרפֿן. א'ע
זאַכן. —

-

אויסגעוואָרסענערהייט — אדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעוואָרפֿן; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגעוואָרפֿן. אַרײַנפּאַקן אַלץ אין
קאָרבֿ א'.

אויפֿגעוויגט — אַדי, פּאָר אויפֿוויגן ←.
פֿונאַנדערגעוויגט; צעוויגט. „דאָס פֿײַער כוואַליעט
זיך... ווי לענטעס א, אין העלן פֿלאַטער“, פּמ,
מלחמה. „שטעטלעך...מיט פֿאָרכטיק א'ע שרעקן
פֿון בית־עלמינס שטומע„, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ
שטובּ אין שטעטל.

אויסגעוויזן — אדי, פּאָר אויפֿווײַזן ←. אויך:
דטשמ, אָנגעוויזן. “...טויגעניכצן...א, נאָר אויף
דעם קליין־שאַכער און אויף דעם שנאַפּס־האַ -

דל“, אמד, שלום דער קאַראַבעלניק, ווילנע 1877.

▯

אויסגעוויכערט — אַדי, פּאָר אויפֿוויכערן. נעאָל. אויפֿגעקומען ווי (מיט) אַ וויכער; אויפֿגעשטורעמט. „יעדער שטראָם...א, און באַפֿליגלט, שעפּט אַרײַן אין זיך דעם הימל...“, פּמ פֿאַר פֿאָלק און לאַנד.

,

אויפֿגעווינטיקט — אַדי, פּאָר אויפֿווינטיקן. נעאָל. געבויגן (געבראַכט אין באַוועגונג) פֿון ווינט. „די גאַנצע שטאָט ייִדן האָבן זיך געבויגן...ווי א'ע אָטשערעטן„, פּמ, דור־אויס, דור־אײַן.

אויפֿגעוויקלט ▯ אדי, פּאָר אויפֿוויקלען ←. 1 פֿונאַנדערגעוויקלט, פֿונאַנדערגענומען. „פֿאַר

.

-

אויפּגעזאָדן

גאָט איז דאָס האַרץ פֿון אַ בשׂר־ודם אָפֿן

ווי אַן א'ע מגילה", פּרץ פֿאָלקסטימלעכע
,
געשיכטן. 2. צונויפֿגעוויקלט. פֿאַרבינדן דעם א'ן דאָקומענט מיט אַ סטענגע.

אויפֿגעוויקלטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעוויקלט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעוויקלט. פֿאָטאָגראַפֿירן דעם דאָקומענט א'.

-

אויסגעוועבט — אַדי, פּאַר אויפֿוועבן ←.
„שטאָף...איז א, פֿון די צוויי מינים, די קעטע איז אַ באַוולנע און דער שוס איז וואָל", ש. שפּיראַ, קליידער־פֿאַרבערײַ, וואַרשע 1900.
-

אויסגעוועזן — אַדי, פּאַר אויפֿזײַן ←. ~ געוועזענער. וואָס איז (האָט) ניט געשלאָפֿן, געוועזן וואַך. „די א'ענע זײַנען גלײַך אַרויס פֿ ן שטובֿ", רייד.

אויסגעוועזן — פּאַר אויפֿזײַן ←. [קען ניט געניצט ווערן אַטריבוטיוו]. „די ראַנדן פֿון זײַנע אויגן זײַנען זייער רויט געוועזן, ווי ער וואָלט אויפֿגעוועזן די גאַנצע נאַכט", אַש, תּהילים־ייִד.

אויסגעוועקט — אדי, פאַר אויפֿוועקן ←.
1. אַרויסגעפֿירט פֿון צושטאַנד פֿון שלאָף;
דערוואַכט. „...קולות פֿון קינדערלעך,
פֿונעם זיס־געשמאַקן שלאָף א'ע", ממוס,
שלמה. „פּאַמעלעכל האָט זיך אָנגעהויבן
צו הערן דאָס געזאַנג פֿון א'ע פֿייגל",
ייִט, טמז, 2 .5 1959 II. אויפֿגעכאַפּט,
אויפֿגערודערט; אַקטיוו געוואָרן. דאָס א'ע געוויסן.
אַן א'ער ניגון. א'ע תּאוות. „איך האָב אין
סיוון בּרייט די פֿענצטער אויפֿגעמאַכט אין
ווײַסער, א'ער, אויפֿגערעגטער נאַכט", אַל I,
'שבֿועות'.

-

אויסגעוועקטע — די. אצ נבֿ. אַ קליינע
כּיתּה חסידים, אַנשי ח"ן [= חכמה נסתרה],
מקובּלים, תּלמידים פֿון ר, ישׂראל אישאַנסקער
און זײַן פֿאָטער דעם 'נסתּר'; געווען אין
ווײַסרוסלאַנד און פּאָדאָליע. „אין כאַפּון איז
פֿאַראַן נאָר אַ קליין הײַפֿעלע פֿון די דאָזיקע
א'ע. זיי האָבן אַפֿילו קיין אייגן קלײַזל ניט,

עס קלעקט זיי ניט אויף אַ מנין", ברוסילאָוו, בײַ די טײַכן פֿון פּאָלעסיע.

-

אויסגעוועקטערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין אויפֿגעוועקט. א, האָט ער גענומען זיך אַרומקוקן.

-

אויסגעוועקטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעוועקט. א, פֿון געפֿילן (געדאַנקען).

-

אויסגעוועקסט — אַדי, פּאַר אויפֿוועקסן ←. (פֿריש) באַדעקט פֿון אויבן מיט וואַקס. די א'ע דילן.
אויפֿגעזאָדן, ־זאָטן — אַדי, פּאַר אויפֿזידן ←. ~געזאָ(ד'ט)ענער. אויפֿגעקאָכט, אויפֿגערעגט, רויט געוואָרן אין פּנים. אַן א'ענער כּעס. „און מײַנע ווערט אַן א'ענע און הייבט אָן לייענען אַ תּחינה... 'ווער וואָלט זיך געריכט אויף דײַן מיתה משונה!,"', ר, מרדכילע,

משלים. „ס'האָבּן אַ טריף געטאָן יאָרן, הייסע, א'ענע יאָרן, ווי א'ענע טראָפּנס טריוואַקס„, פּמ, איינס אויף איינס. „דער א'ענער תּלמיד האָט געוואַרט, דער מנהל זאָל אים אַרײַנזאָגן“, חג, ישי ה.

אויפּגעזאָטנקייט

-

אויסגעזאָטנקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעזאָטן. „...דערוואַרגן דעם אויפֿגעשריי פֿון תּאווה צווישן די ציין...און ציִען צוזאַמען די הענט אין אויסטערלישער א'“, אצג, אין צײַטנס רויש.

אויפֿגעזאַמלט — אַדי, פּאַר אויפֿזאַמלען ←. צונויפֿגעקליבן, צונויפֿגענומען; וואָס פֿון דעם

האָט מען געמאַכט אַ זאַמלונג. א'ע בילדער, פּאָסטמאַרקעס. „ער האָט אין וועג אויסגעקאַשפּערט בײַ מיר אַ העלפֿט פֿון מײַנע שווער א'ע קאָפּיקעס", אמד.

אויפֿגעזאַמלטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט שוין אויפֿגעזאַמלט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעזאַמלט. אַרויסטראָגן אַלץ (פֿאַרקויפֿן) א —

.,

אויסגעזוכט — אדי, פּאָר אויפֿזוכן ←.

געפֿונ□ן. די א'ע דאָקומענטן.

אויסגעזוכטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעזוכט. א, ווידער פֿאַרלירן.

-

אויסגעזונגען — אַדי, פּאַר אויפֿזינגען ←.

1. וואָס מע האָט געזונגען הויך אָדער פּלוצעם, מיטאַמאָל. אַן א, ניגונדל. 2. וואָס איז איבערגעשאַצט. א'ע פּרײַזן. א'ע טענות.

□

אויסגעזעצט — אַדי, פּאָר אויפֿזעצן ←. מיט
פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ: 1.
אַרויפֿגעזעצט. „די א'ע פֿאַרשוינען האָבּן גענומען
זיך קריגן אין בּויד“. 2. צוגעזעצט,
אַרריפֿגענייט. אַן א, קרעגעלע. „מיר זאָלן זיך גלאַט
אָנטאָן...לאַמפּאַסענע פּאַנטאַלאָנעס און א'ע...
שפּיציקע קעלנער“, ייִל, קמ, 16 1869, No.
3. ענדגילטיק פֿאָרמולירט, אויפֿגעשריבּן. דאָס
א'ע לידל. „שאַד דש דיא גימעלדטן ריימן
ניט אלי אויף גזעצט זיין אונ, צו פּאַפּיר
גיבּראכט ווארדן“, „שילדבּורגר זעלצאמי או ,
קורצווייליגי גישיכטי, [אַווע 4 .] II.
אויסגעזעצט אין אַ דרוקעריַ. דער א'ער אַרטיקל.
5. אַרכ. צוגעטיילט, בּאַשערט. „...זיך די
זעלבּיגן ניט בּינוגן לאָזן מיט דעם וואַש אים
אויף גיזעצט איז...דא נעמט מן זיא אַוועק
וואַש זיא האבּן„, לט1, 2/156. 6. אויפֿגעבּראָכן.
„אויס שלאָס! די טיר — א', די פֿעסטונג —
איַנגענומען“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
7. אַרכ. וואָס מע גיט (נעמט) אויף קאָמיסיע
(צו פֿאַרקויפֿן און צו קריגן פֿאַר דעם אַ
געוויסן פּראָצענט). “זונדר דיינים זולן פּסקן
תּבֿיעת ממון אודר אויף גיזעצטי זכין, פֿר
וועלכי כּתּה עש גיהרט“, תּקק. „אין לשום

אָדם לקבּל סחורות ממקומות אַחרים ממדינות פּולין בּתּורת אויף גיזעצט...וג, ראשי הקהלות יהא להם תּיקון זה לבֿל ישלחו עליהם סחורות אויף גיזעצט גם מקהלות אחרות", פּנקס מדינת ליטא, תּקנות ועד שפּ"ח, סימן קעבֿ.

▯

אויסגעזעצטער — דער, ־טע. וונ ־טע. סובֿ. ווער עס איז בּאַשטימט צו זײַן אַ פֿירער, אַ ראָש פֿון אַ גרופּע. ,,אַ נײַע א'טע אויף אונדז! זי אַליין קען דאָך ניט די אַרבעט!,,, רייד. ,,און די א'טע [הפּקודים] וואָס איבּער די טויזנטן פֿון חיל, די עלטסטע פֿון טויזנט,,, תּי, בּמדבּר, לא, 48.

אויסגעזעצטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעזעצט. א אַלץ
ווי,

דער איבערמאַכן.
-
אויסגעזשאַרעט — אַדי, פּאַר
אויפֿזשאַרען ←. סל. אויפֿגעהיצט, אָנגעגליט. „,
אַנטעק האָט זיך אײַנגעקוקט אין ווײַב מיט א'ע
אויגן“ פֿערשלייסער, צוק, 1937, II.
— ,
אויסגעהשבּונט — [...כע'זשבּנט] אַדי, פּאַר
אויפֿחשבּונען ←. צונויפֿגערעכנט. א'ע חובֿות.

אויסגעהשבּונטערהייט — [← דפֿוו] אַדוו.
ווען מע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעחשבּונט.
א, באַקומט זיך גאָרנישט מיט גאָרנישט.

אויסגעהתמעט — [...כאַ'סמעט] אַדי, פּאַר
אויפֿחתמענען ←. אויפֿגעשריבן,
אויפֿגעשטעמפּלט. אַן א'ער אָפּזאָג אויף דער בקשה.

□

אויסגעטאָן — אַדי, פּאַר אויפֿטאָן ←. אויך:
~געטון [„געטין“]. ~געטאָנענער.
דערגרייכט דורך טאָן. די א'ענע אַרבעט. „
אָפּגעטאָנענע עבֿירות — א'ענע גזירות„ [= איבער
די עבֿירות וואָס מע האָט אָפּגעטאָן זײַנען
געקומען גזירות], רייד [שוו□].

אויפֿגעטאַנצטערהייט □ אַדוו. (אין לשון
פֿון יוגנטלעכע, לד) אויפֿגעשפּרונגענערהייט,
לעבעדיקערהייט. זיך צעשרײַען א„.

□

אויסגעטאָקט — אַדי, פּאַר אויפֿטאָקן ←.
(ערשט) אויסגעאַרבעט דורך טאָקן; אויפֿגעפּוצט
מיט שניצערײַ. אַן א, הענטל פֿון שטעקן.

אויפֿגעטאָרטשעט — אַדי, פּאַר
אויפֿטאָרטשען ←. סל. וואָס שטאַרצט אַרויפֿצו. „צו
דער פּאַראַדנער תּליה, א', געקראָכן זײַנען
די אַריער“, פּמ, מלחמה.

,

אויסגעטויכט — אַדי, פאָר אויפֿטויכן ←.
„א'ע ענטלעך“, מ. ז. טקאַטש, בלעטערפֿאַל.
א'ע געדאַנקען.
אויפֿגעטוי(ע)ט — אַדי, פאַר אויפֿטויען ←.
נעאָל. אויפֿגעפֿרישט, דורכגענומען מיט טוי (אַזוי ווי מיט לעבנסזאַפֿט). „הענט זיך שטרעקן פֿיס זיך קערן, שפּרינגען אונטער! מונטער, א'ע גלידער!“, פּרץ, בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק.

אויסגעטוקט — אדי, פאַר אויפֿטוקן ←.
וואָס קומט אַרויף (פֿון וואַסער). „אינעם שײַן פֿון אויפֿגעטוקטן פֿלעמל האָט ער אויפֿגעפֿנט אַ באַשריבענעם בויגן“, איזבאַן.

אויפֿגעטורעמט — אַדי, פֿאַר
אויפֿטורעמען ←. 1. אַרויסגעשטאַרצט, אויפֿגעהויבן
ווי אַ טורעם. „דער ים מיט זײַנע א'ע פֿאַליעס
דערציילן רעשנדיק גאָטס...וואונדער“, ממוס,
ווינטשפֿ. „אין איין אָרט איז ער שטיל און
פֿלאַך און אין אַן אַנדערן —
אויפֿגעשטורעמט, א'“, שנ, לעזער, דיכטעך, קריטיקער
I.
פֿארבײַגעגאַנגען א'ע מקומות...„, הל, „בײַ
 —
די קאַנאַדער ראַקי־בערג'. 2. וואָס דערמאָנט
אין אַ טורעם (ווײַל בערגלדיק, שפּיציק).
„מיטן ווײַסן א'ן וועג האָט געטרייסלט אַ
שליטן“, ראָלניק, 'אַ געשטאַלט'. „די ,
קלעניקעס, אין די ווײַסע קאַפּאָטעס מיט די א'ע
קאַפּטערס“, אָפּא, 'פֿײַערדיקע צלמים'.
אויפֿגעטראָגן — אַדי, פֿאַר אויפֿטראָגן ←.
~געטראָגענער. 1. אַרויפֿגעטראָגן,
צונויפֿגעטראָגן. דאָס א'ענע האָלץ. 2. אויפֿגעשוואָלן. אַן

אויפֿגעטרייסלטערהייט

א'ענע באַק (פֿון צאָנווייטיק). „האָבן מיר אים

געטראָפֿן מיט אַן אונטערגעבונדענער באַק און א'ענער ליפּ“, שע, 'ערשטע קאָמונע'. 3.
אויפֿגערודערט, צעטומלט. וואָס איז מיט די געדאַנקען ערגעץ ווײַט. “ער זיצט דאָ אַן א'ענער און הערט ניט וואָס מע רעדט צו אים“, רייד.
„ער איז געווען אַזוי צעקאָכט און א'“, ממוס.

4. וואָס איז פֿרײַנדלעך, גוט־ברודעריש, אינטים באַקאָנט (מיט פּרעפּ מ י ט). „אין בית־המדרש איז ער א, געוואָרן מיט שלמהלען און אים געברויכט אַמאָל ווי אַ שטיקל משמש„, ממוט, שלמה. „עס שאַט נישט אַז דו זאָלסט מיט אים זײַן א'...קאָנסט עפּעס נאַשן פֿון אים“, אר, 'דער גימנאַזיסט'. „ייִדן האָבן דאַן געלעבט נאָך אָפּגעזונדערט, מיט דער אַרומיקער וועלט איז מען נישט געווען אַזוי א, ווי איצט, שנ, וועגן ייִדישע שרײַבער I.

5. וואָס איז אין כעס, ברוגז; אויפֿגערעגט קעגן עפּעס, עמעצן (מיט פּרעפּ א ו י ף). „און דו ביסט אַזוי א, אַז דו ביסט קאַפּאַבל מיך נעמען און אַראָפּוואַרפֿן פֿון לאָקאָמאָטיוו“, שע, 'נס פֿון הושענא־רבה'. „ביסט עפּעס, זאָג איך, שטאַרק א'...אויף די נגידים?“, שע, טביה. “ער האָט חרטה אויף דער

מעשׂה, איז א, אויפֿן יצר־הרע,,, שע פֿונעם

,

אַריד. ,,גאַנץ משפּחה...איז אויף מיר מאָדנע

י

א'‘‘, בערג, 'יוסף שור,. [פֿון אוקר אַריבער
אין ליטרש און זיך צעשפּרייט אויך אין
אַנדערע דד'] 6. אַרויפֿגעטראָגן (אויפֿן חשבון).
‘‘אויף גיטראגני קומיסיאון‘‘, מאָרשן, חנוך
לנער, פֿיורדא תּקל‘‘ד.
אויפֿגעטראָגנקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
צעטומלטקייט. 2. פֿרײַנדלעכקייט, גוט־
ברודערשאַפֿט. 3. אויפֿגערעגטקייט, ברוגזדיקייט,
צושטאַנד פֿון כּעס.
אויפֿגעטראָגענערהייט — אַדוו. 1.
צונויפֿגעטראָגן. 2. צעטומלטערהייט. א, ניט
וויסן וואָס צו טאָן.
אויפֿגעטראָטן — אַדי, פּאַר אויפֿטרעטן ←.
פּפֿ: ~געטרעטן. ~געטראָטענער. ספּעצ:
אַרויסגעקומען פֿאַרן עולם. דער א'ענער
אַקטיאָר, זינגער, רעדנער.
אויפֿגעטריבן — אַדי, פּאַר אויפֿטרײַבן ←.
~געטריבענער. צונויפֿגעטריבן,
אַרויפֿגעטריבן. די א'ענע פּליטים. די א'ענע טשערעדע.
אויפֿגעטרייסלט — אַדי, פּאַר

אויפֿטרייסלען ←. אויפֿגערעגט, אויפֿגעוועקט;
אויפֿגעציטערט; דורכגענומען מיט שטאַרקע געפֿילן;
אַרויסגעבראַכט פֿון צושטאַנד פֿון רו,
גלײַכגילטיקייט. „די א'ע אייראָפּע אין יאָר 1848...“
“דער אָטעם פֿון שטורעס ציט זיך איבער דער
א'ער מחנה, די שקלאַפֿישע קערפּערס ציטערן
ווי אונטער דער בײַטש“, ל. שאַפּיראָ, נאַוועלן.
„לויף איך, א, פֿון געוויין, פֿון קלויז...“, אַל,
,תּשעה־באָבֿ'. „...ווי אַן א, וועלדל אין
אומגליק פֿון ווינטן„, מל, ,זיבן ברידער,. דאָס א'ע
געוויסן.
אויפֿגעטרייסלטערהייט — אַדוו. ווען
מע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעטרייסלט; אין
מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעטרייסלט. זיך שטאַרק
דערשרעקן און אַרײַגלויפֿן אין שטוב א'.

אויפֿגעטרייסלטקייט

אויפֿגעטרייסלטקייט — די (דאָס). מצ
נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אריפֿגעטרייסלט. „גרויס־דיכטערישע ווערטער וואָס
זײַנען געזאָגט געוואָרן אין אינטים־
רעליגיעזער א„„ הל, טמז, 16 1957 XI.
אויפֿגעטרענט — אַדי, פּאַר אויפֿטרענען ←.

אויפֿגעעפֿנט מיט אַ ריס. „פֿעדערן, קאָלדרעס, צעריסענע לײַלעכער, א'ע קישנס... און רומ„ לספֿרים אינאײנעם מיט צעבראָכענע טעפּ„, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „סטריגעווען מיט שיטערע תּכריכים־שטעך צונויף די א'ע נעט פֿון חשכות צווישן הימל און דער ערד„, ר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט.

-

אויסגעטרענטערהייט — אַז וו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעטרענט. א, אַרויסנ ען ד אַלטע וואַטע פֿון ווינטערמאַנטל.
י

אויסגעיאָגט — אַדי, פּאַר אויפֿיאָגן ←. צונויפֿגעיאָגט; געיאָגט אַרויפֿצו. די א'ע אַרעסטאַנטן. ״ס'הייבּט זיך אויף אַ וואַל, א, פֿון וו ט״, פּרץ, 'נסים אויפֿן ים'.
י

אויסגעיאַדעט — אַדי, פּאַר אויפֿיאַדען ←. אויסגעמוטשעט פֿון עסעניש, נאָגעניש (דורך זיך אַליין אָדער דורך אַ צווייטן). „אַן א'ע, אַן אויפֿגעגריזשעטע בּין איך„, אָגוז.
-

אויפֿגעיאָמער — דער, ־ן. נעאָל. געוויין, געקלאָגערײַ, דאָס יאָמערן וואָס קומט אייף מיטאַמאָל און רײַסט זיך אַרויף פֿון אינעווייניק. „וועלן מיר ניט אײַנשטילן אין אונדז דעם א, פֿון איינזאַמקייט, הל, טאָג, 1958 .I▯22

אויסגעיוירט, ־יוירן, ־יערט — אַדי, פּאַר אויפֿיוירן, ־יערן ←. ~געיוירענער. 1. אויפֿגעגאַנגען דורכן (איז אַ רעזולטאַט פֿון) פּראָצעס פֿון פֿערמענטירן. „הײַנטמאָדישע א'ענע פּאַשטעטן“, ממוס, 'שבת'. דאָס א'ע ברויט. „דער טייג אין מולטער הייבט זיך הויך און העכער, דער טייג נעמט אָטעמען דורך א'ע לעכער“, הל. 2. אויפֿגעבלאָזן, אָנגעשוואָלן. אַן א'ע באק. „אויפֿגעיוירענע, אָנגעשוואָלענע זומפּן“, מאיר שטיקער.
3. (שפּאָטיש) אויפֿגעקלערט, הײַנטוועלטיש. “...אינטערעסירט זיך צו וויסן, אויב ער איז נאָך פֿון יענע 'אויפֿגעיוירענע אַריסטאָ, , קראטן,“, ממוס, ווינטשפֿ. „באַגאָטישע פֿון דער אַלטער וועלט אָדער 'אויפֿגעיוירענע, פֿונעם הײַנטיקן שניט — נאָר אין גרונט גענומען זענען זיי אַלע גלײַך“, ממוס, 'אַלטע

מעשׂה'. „אַ גאַנצע אויפֿגעיוירענע, מיט פֿראַנצייזיש“, שע, מנחס־מענדל.

אויפֿגעכישופֿט — [...קי'שעפֿט] אַדי, פּאַר אויפֿכּישופֿן ←. אַרויפֿגעבּראכט פֿירגעבּראַכט דורך כּישוף. א'ע געשטאַלטן.

-

אויפֿגעכאָוועט — אדי, פּאַר אויפֿכאַוועןן ←. דערצויגן, אויפֿגעהאָדעוועט (מיט ליבּשאַפֿט). „ער האָט בּאַוואָפֿנט מיט כּלי־זין זײַנע א'ע„, בּײַ מלמדים פֿון פּאָדאָליע דער אופֿן פֿאַרטײַטשן פֿון 'וירק את חניכיו, (בּראשית, יד, 14) [אָנהייבּ 20. יה]. “זי איז א, פֿון קינדווײַז אָן בּײַ דעם...“, בּרכיה—אבֿיגדור רוף, רינאַלדאָ רינאלדיני, וואַרשע 1865.

□

אויפֿגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אויפֿכאַפּן (זיך) ←. מיט פֿאַרשיידענע בּבּ פֿון ווערבּ. ספּעצ□

1. דערהערט. פֿאַרשטאַנען. די א'ע קלאַנגען, ווערטער. 2. וואָס מע האָט גרינג (אָדער צופֿעליק) זיך אויסגעלערנט. א'ע קענטענישן. 3. וואַך געוואָרן. „אַ לאַנגער אויסגעצויגענער קוקירעקו פֿון אַן א'ן האָן„, אָש, שטעטל. 4. וואָס מע כאַפּט זיך אויף דעם אַרויף (ניט וואָס מע דינגט לכתּחילה). „מע פֿאָרט צום רײַכן קרובֿ אויף א'ע פֿורן, עס זאָל וויינקער קאָסטן„, ייִפֿאָל, 5 .47 1882, No. וואָס ווערט גרינג אין כּעס, אויפֿגערעגט, הייסבלוטיק. „זײַ ניט אַזאַ א'ער, לאָז זיך רעדן!“, רייד. „דער וואָגן איז געווען בּאַלאַגערט פֿון די א'ע פֿאַרשווינדלעך וואָס זײַנען אויף משקולת געשטאַנען...„, ממוס, ווינטשפֿ. 6. געגנבֿעט, אַוועקגעכאַפּט. פּר, גאַליציע. קוילען דעם א'ן

ה״ן.

אויסגעכאַפּטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט זיך שוין אויפֿגעכאַפּט. א, אַ שפּרונג טאָן פֿון געלעגער.

-

אויסגעכאַפּטקייט — די (דאָס), ־ן.

אויפֿג״..עגטקייט,

ליעט — אַדי, פֿאַר אויפֿכוואַליען

הייסבלוטיקייט.

אויסגעכוואַ
(זיך) ←. וואָס האָט אויף זיך (פּלוצלינג)
באַקומען כוואַליעס. די א'ע אָזערע.

□

אויסגעכמאַרעט — אַדי, פּאַר אויפֿכמאַרען.
וואָס האָט אויף זיך (מיטאַמאָל) באַקומען
כמאַרעס. דער א'ער הימל.

□

אויסגעכמאַרעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעכמאַרעט. די א, פֿון הימל, פֿון פּנים.

-

אויסגעכמורעט — אַדי, פּאַר אויפֿכמורען.
וואָס ווערט (איז געוואָרן) שווערמוטיק,
פֿאַרפֿינצטערט. א, פֿון שווערע דאגות.

□

אויסגעכמורעטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעכמורעט. אַ פֿאַרזאָרגטקייט, אַן א', אַ
שווערמוטיקייט.

אויפֿגעכראַסטעט, ־כראַש(טש)עט.—־
אַדי, פּאַר אויפֿכראַסטען אע. געבראַכט אין
אומאָרדענונג, צעעפֿנט (וועגן אַ מלבוש, אַז

מען קען אַרויסזען דאָס לייַב). „ביידע מיט
אויפֿגעכראַשעטע הערצער, אָן העמדער, ביידע
אין לאַכעס„, פּרץ, ,מקוב .ם.,
אויפֿגעלאָדן — אדי, פּאַר אויפֿלאָדן →. ~
געלאָדענער. וואָס מע האָט (אויף דעם
אַרויפֿגעלייגט משׂא (אויף אַ וואָגן, אויף יעדן
פֿאַרקער־מיטל, אויף אַ מענטשן, אַ בהמה). א'ענע
פֿורן; א'ענע סחורה פֿיר טויזנט קעמליך,
. .„. .
דיא זיינן אלי אויף גילאָדן גיוועזט“, לט1,
.2/19
אויפֿגעלאָדנט — אַדי. 1. פּאָר 'אויפֿלאָדענען,.
וואָס איז מיט צעעפֿנטע לאָדנס. „דאָס
איינציקע פֿענצטער פֿון דער דירה איז געווען
א'“,
לאדנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנחג, ישיבֿה. 2. דזוו אויפֿגעלאָדן, פּד.
-
אויסגע
שאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעלאָדן. אַ
שווערע א, וואַס דריקט צו דער ערד.
אויפֿגעלאָדענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)

אויפֿגעלאַדן. ״די פֿורן זײַנען אַוועקגעפֿאָרן ניט־א'״״
אויפֿגעלאָזט, ~געלאָזן — אַדי, פּאַר
אויפֿלאָזן ←. ~געלאָזענער. 1 פֿרײַ געוואָרן;
.

אויפֿגעלייגט

וואָס איז אָן דרוק, פּענטעס, שטריק אע.
אָפּזיפֿצן מיט אַן א, האַרץ. 2.
אַריבערגעלייגט. ,,דער נאַכטהעמד־קראַגן א, איבער דעם
נישט־אינגאַנצן צעקנעפּלטן זשופּאַן,,, אַש,
תהילים־ייִד.
אויפֿגעלאָזן ווערן — נייטראַל. ווער א', בין
געוואָרן א,. פּר. ווערן באַפֿרײַט פֿון דרוק.
א, ווערן פֿון קלעמעניש. ,,איך האָב געשפּירט
ווי מײַן האַרץ איז געוואָרן א,, ווי הונדערט
שטריק וואָלטן דערפֿון אַראָפּגעפֿאַלן,,, ווײַס,
'מײַן פֿרײַנדס ליבע'.
אויפֿגעלאַף; — דער, ־ן. לד, אוקר. אויך:
~געלאָ ;, פּר, אוקר. צונויפֿלויף, געטומל.
,,אַז מע זעט אַן א, — לויפֿט מען אויך״.
,,עס שפּיזט דעם חלום דורך אַן א, פֿון פֿיל
מנינים אויפֿגעוועקטע שטראַלן,,, בראָד,

איבערגאַנג.

אויפֿגעלאָפֿן — אַדי, פּאַר אויפֿלויפֿן ...

~געלאָפֿענער. 1. צונויפֿגעלאָפֿן;
צונויפֿגעקומען פֿון פֿאַרשיידענע ערטער. „אין
אונדזער געגנט וואוינט עפּעס אַן א'ענער עולם“.
2. אָנגעשוואָלן, אָנגעריסן. אַן א'ענער
בלאָטער. „שײַנוואַרפֿערס האָבן באַלויכטן
צעפּאַטשטע באַקן, א'ענע אויערן,„ אָפּאַ, '
פֿײַערדיקע צלמים„. 3. אויפֿגעבלאָזן,
אויפֿגעפּוישט פֿעט געוואָרן. „די פֿון הונגר זיין אַן

,

גיבלאזן אונ אויף גילאפֿן„, עיון, 1/61. *אַן
א, בײַכל, אַן א'ענע = אויך: אַ שוואַנגערע.

אויפֿגעלאָפֿן ווערן — נייטראַל. ווער א', בין
געוואָרן א'. געשוואָלן ווערן. א, וו, וואַרטנדיק.
“מעגסט אַפֿילו א, וו', וועסטו דאָס בײַ מיר
ניט אויספֿירן„. קללה: „פֿריִער ווער א, און
דערנאָך זאָל מען זיך אויפֿלויפֿן צו דײַן
באַגרעבעניש“.

אויפֿגעלאָפֿענערהייט — אַדוו. ווען מען
איז זיך אויפֿגעלאָפֿן; ווען ס'איז אויפֿגעלאָפֿן.
„א, האָט מען גענומען שרײַען פֿון אַלע
זײַטן ,וואו ברענט?'“, רייד.

אויפֿגעלויטערט — דזוו אויפֿגעלײַטערט ←.

אויפֿגעלויכטן — אַדי, פּאַר אויפֿלויכטן,
~לײַכטן ←. ~געלויכטענער. וואָס האָט
גענומען (מיטאַמאָל) שײַנען, וואָס איז געוואָרן
ליכטיק. אַן א'ענע שטובֿ; אַן א, פּנים. ,,האָט
זי שׂרהלע אָנגעקוקט מיט אַ וואונדערלעך
א'ענעם בליק,,, ווײַס, 'וואַלדמיידל'. [אויך:
~געלוכטן. ,,ווי דער מאָרגן האָט
אויפֿגעלוכטן‘‘, תּי, בּראשית, מד, ג].
אויפֿגעלויכטנקייט — די (דאָס), ־ן
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעלויכטן.
‘‘אָן זייער בּהלהדיקער טונקלקייט קאָן אויך
ניט קומען די העכערע, די סימבּאָלישע א‘‘,
הל, טאָג, 4 1958 I.
אויפֿגעלויף — דער, ־ן. דזוו אויפֿגעלאַף ←.
אויפֿגעלייגט — אַדי, פּאַר אויפֿלייגן ←.
מיט פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ:
1. צונויפֿגעלייגט. דאַס א'ע געהילץ אויף
ווינטער; א'ע סחורה. 2. איבּערגעלייגט,
אריבּערגעלייגט. ,,אַ ייִד, אָנגעטאָן שבּתדיק —
אַ ווייכע העמד מיט אַן א'ן קאָלנער, אויפֿן
קאָפּ אַ סאַמעטענער קאַשקעט‘‘, ממוס, ,שבּת'.
3. וואָס איז געניגט, איז נוטה צו עפּעס.
,,איך בּין הײַנט ניט א, דאָס צו טאָן,.. ,,איז

אויפֿגעלייגט זיין

ער ווי בּאַרואיקט געוואָרן און איז א, געוואָרן
צום רואיקן דענקען,,, אַר, 'דער פּרוש'. ,,
איינער וואָס איז גראָד ניט א, געוועןצו טאַנצן
מיט סענדערלען, האָט אים...אַ וואָרף געטאָן
אין דער זײַט“, ממוס, מסעות.
4. וואָס איז אין אַ גוטער שטימונג, מיט
הרחבֿת הדעת. [אַ צזוו מיט ז ײַ ן און
וו ע ר ן]. ,,או□וזערע חכמים האָבּן גערעכנט
דרײַ זאַכן וואָס מאַכן דעם מענטשן, ער זאָל
א, זײַן...,,, יודישער פֿאַר־פּסח. ,,אַלע זענען
זייער שטאַרק א,, מע רעדט און מע לאַכט
און מע קוועלט ממש פֿאַר נחת“, ממוס,
שטורעמצײַט. ,,איז [ער] געפֿאָרן אין שטאָט א,,
פֿריילעך,,, שע, 'בּערעלע'. ,,צופֿרידן און א,
אויסגעזען“, נס. ,,עס איז ניטאָ עפּעס שענערס
ווי צו זען פּרצן אַן א'ן, אַ גליקלעכן“, מוק,
פּרץ און דאָם ייִדישע טעאַטער. [דאָ איז
אומעטום דורכגעלאָזט ג ו ט , אָבּער קומט
אויך מיט ג ו ט.] ,,פֿון צײַט צו צײַט, ווען
דער רבּי איז געווען גוט א,, צו ,שלום,

צוגעלאָזט...", אַש, תּהילים־ייִד. *גיט אַזוי גוט א,
= ניט אין קיין צו גוטער שטימונג. *שלעכט
א, = אין אַ שלעכטער שטימונג.
אויפֿגעלייגט זײַן (ווערן) — צזוו. ←
דפֿוו. דריטפּערזאָניק, אומפּ. 1. דזוו
אויפֿגעלייגט, בּ4, מיטן צוגאָב: אויף דעם ה אַ ר צ ן
(אויפֿן האַרצן). „איך זיץ און שווײַג, ס'איז
מיר דווקא ניט שטאַרק א, אויפֿן האַרצן",
ממוס, שטורעמצײַט. „עס איז אים געווען
צו פֿיל א, אויף דעם האַרצן, ער זאָל טראַכטן
פֿון ייִדישע גלותן", ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. „אויפֿן האַרצן איז א', יום־טובֿדיק,
ליכטיק, לעבּעדיק", שע, בּלאָנדזענדע שטערן.
2. בּאַשערט זײַן, צוגעטיילט אָדער
בּאַשטימט זײַן; ווערט זײַן. "עס גיא אים וויא
גאָט יתבּרך וויל, וויא אויף גיליגט ווערט
עש זייא וואול אודר איבּל„, לט1, 2/27. "ווער
די קשיא נאָך גרעשר...אַז אים איז אויף
גיליגט איין צדיק אודר איין רשע, דר וייל
ער דאָך אזו בּל◌יבּן מוז — ווארום זעלט
ער דען איין שׂכר אודר איין עונש האבּן?",
לט 1, 1/96. "וואַש דיין חבֿר אויף גליגט
איז...אים קענין אַוועק נעמין דאש קען
אום מיגלך גישעהן", עיון, 1/4. „...ווי לאַנג

דיר איז אויפֿגעלייגט צו לעבן אין אַזאַ וויסט
אָרט“, ווייס II, 'דער איבערגאַנג'. “ווען
ס'איז א, נאָך בײַם לעבן“, מ. בורשטיין, אויף
די חור◌ות פֿון פּלוינע.
אויפֿגעלייגטערהייט — אדוו.
צונויפֿגעלייגטערהייט; אין אַ גוטער שטימונג. א, זיצן
און שמועסן.
אויפֿגעלייגטקייט — די◌ ־ן. אייגנשאַפֿט
אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעלייגט. „ערשט
איצט ווערט אַזאַ געלאַסענע א, אין שטיבל“,
ווײַט II, 'דער איבערגאַנג'. “די סעודת־הצהרים
פֿלעגט זײַן מיט אַ געוויסער א,“, לדב, קלג.
אויפֿגעלייזט — אדי, פּאָר אויפֿלייזן ←.
1. צונויפֿגענומען, צונויפֿגעקריגן פֿון לייזן,
פֿאַרדינען בײַם פֿאַרקויפֿן. דאָס א'ע געלט.
2 פֿאַרענטפֿערט, געטראָפֿן. ל◌. די א'ע
פֿראַ.
גע, שאלה. 3. צעגאַנגען, צעפֿאַלן, ליקווידירט.
דטש מ אַן א'ער שטאָף. אַן א'ע געזעלשאַפֿט.

אויפֿגעלייטערט — אַדי, פּאַר

אויפֿלײַטערן ←. וואָס איז געוואָרן (פֿון
אינעווייניק אַרויף) קלאָר, דורכזיכטיק, דורכגעלויכטן,
באַפֿרײַט פֿון דריקענישן, דערהויבן. א'ע רייד.
אויפֿגעלייטערטקייט — די (דאָס), ־ן.
--
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעלײַטערט. אַן א, פֿון געמיט, פֿון מחשבֿה.
אויפֿגעליכטיקט — אַדי, פּאַר ,
אויפֿליכטיקן'. נעאָל. וואָס איז געוואָרן מיטאַמאָל
ליכטיק(ער), אויפֿגעשײַנט. „א', אויפֿגעציטערט
מיט דער שפּע פֿון דעם פֿרישן פֿרילינג, איז
דער בוים בײַ מיר אין הויף“, אלף כּץ,
אינזיך, 1928, III .
~ג :ד
יגI. דזוו צונויפֿגעליִען. א, געל
אויפֿג ל
.
ן — אַדי, פּאַר אויפֿלײַען ←. אוי

א'ע כּלים.
אויפֿגעלעבט — אַדי, פּאַר אויפֿלעבן ←.
1. וואָס איז ווידער געוואָרן לעבעדיק,

געבּראַכט געוואָרן צוריק צום לעבן. ,,דער סאָלאָוויי, דערפֿילנדיק די פֿרישע, נאָר וואָס א'ע וועסנעצײַט, האָט זיך צעזונגען,,, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. ,,שלײַדערט זיך מיט א'ע הענט און פֿיס אין אַ טײַך פֿון בלוט'', הל, 'דאָס קראַנקע צימער'. ,,ניט אויף מלוכהשאַפֿט וועט מען בויען דאָס א'ע ייִדישע פֿאָלק, נאָר אויפֿן גײַסט פֿון חלוציות'', אפֿא, טמז, 16 XII 1953.

2. וואָס איז אין אַ פֿריילעכער שטימונג, אַקטיוו און מונטער. ,,מיר מאַכן ביידע אַ שפּאַציר איבערן שיינעם גרויסן וואָקזאַל גאַנץ א',,, שע, זומער־לעבן. ''די פֿייגעלעך האָבן פֿריילעך און א, געטשיריקעט'', אַר, ,בײַם דאַוונען'. אויפֿגעלעבט ווערן — נייטראַל. ווער א,, בין געוואָרן א'. אויך: ווערן פֿריילעך, מונטער, טעטיק, אַקטיוו. ,,אויך דער כּלהס עלטערן זענען א, געוואָרן'', ספּ, סודות. ''מע שמועסט... פֿון ליכטיקן גן־עדן...דעמאָלט ווערן אַלע אויפֿגעלעבט, די מײַלער אָפֿן, די פּנימער רויט'', פּרץ, ,שלום־בית,.

אויפֿגעלעבטערהייט — אַדוו. ווען מען איז שוין געוואָרן (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעלעבט. ,,געהלשטערהייט שטומט מען, א, — הייבט מען אָן קרעכצן,,, רייד.

אויפֿגעלעבטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעלעבט.
אַן אָפּגעפֿרישטקייט, אַן א', אַ באַנײַאונג פֿון
כּוחות.
אויפֿגעלענט — אדי, פּאָר אויפֿלענען ←.
פּד. (אַ ביסל) אויפֿגעעפֿנט, אויפֿגעמאַכט.
„אומגעקוקט זיך אויף די שטילע הײַזלעך מיט
די האלבֿ־א'ע פֿענצטער“, ווײַס, אַ שטעטל.
אויפֿגעלעקט — אַדי, פּאָר אויפֿלעקן ←.
1. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט לעקן. א'ע מילך,
קאַשע. 2. וואָס מע האָט אויפֿגעגעסן מיט
אַפּעטיט, הנאה. א'ע וועטשערע, מאכלים.
אויפֿגעלערט — אַדי. פּד. (שפּאָטיש)
אויפֿגעקלערט. „איך האָב געהערט אַמאָל אין גער:
'די א'ע זענען אויסגעלערטע'“, רייד.

▯

אויסגעמאַכט — אדי, פּאָר אויפֿמאַכן ←.
מיט פֿאַרשיידענע בבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ: 1.
צונויפֿגעקליבן (ווי, בתורת צדקה). די א'ע
גראָשנס. 2. אויפֿגעעפֿנט. די א'ע טיר.

▯

אויסגעמאַכטערהייט — אַדוו.
אויפֿגעקליבענערהייט; אויפֿגעפֿנטערהייט. „מאַך צו די
טיר. א, קען מען זען וואָס דאָ טוט זיך“,
רייד.
אויפֿגעמאָלט — ן. דזוו אויסגעמאָלט;
די, פּאַר אויפֿמאָלן ←.
אויך זן: ~געמאָ
אויפֿגעצייכנט, אויפֿגעפֿאַרבט. א'ע
מענטשעלעך. „אויף אַ לאָדן פֿון אַ פֿענצטער שטייט
א, ווי די מרגלים טראָגן אויף דראָנגען אַ
גרויסן בונט ווײַנטרויבן“, עט, סערקעלע.
א — אָדוו. אויך:
. דזוו
אויסגעמאָלטערהייט ←.

אויסגעמונטערט — אַדי, פּאַר
אויפֿמונטערן ←. וואָס האָט (מיטאַמאָל, ווידער) אַרײַנבאַקומען אין זיך מוט, לעבעדיקייט. „און די מענטשן, טיף־באַגליקטע, א'ע, אַנטציקטע, זאַפּן אײַן דאָס ליד פֿון שײַן„, אַל III, 'צום ערשטן מײַ'. „א, גיי איך הויך אַרויף אויף ב רג און טורעם“, סעג, קאַפּריזן.
אויסגעמונטערטקייט — די (דאָס). מצ נב. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעמ נטערט. אַן אויפֿגעפֿרישטקייט, אַן א..
אויסגעמײַסטערט — אַדי, פּאַר
אויפֿמײַסטערן ←. אויפֿגעשטעלט, אויפֿגעבויט פֿאַר,
ענדיקט אַן אַרבעט ווי אַ מײַסטער (אויו איר); ספּעציעל געמאַכט. „בײַ אים איז איין פֿיסל קירצער און ער באַדאַרף טראָגן א'ע שיך„. רייד.

אויסגעמיש — דער, ־ן. (מיטאַמאָליקער אָדער כסדרדיקער) צונויפֿמיש; צונויפֿנעם פֿון

זאַכן אָדער ענינים וואָס האָבן אַ קנאַפּע שײַכות צווישן זיך. אַן א, פֿון כלערליי ציטאַטן. אַן א, פֿון קאָלירן.

אויסגעמישט — אַדי, פּאַר אויפֿמישן ←.
1. צונויפֿגעמישט. א'ע פֿאַרבן, ענינים. ,,די פֿיר יסודות (אַש, מים, רוח, עפֿר) זײַנען אין אַ גלײַכן מזג א'", אור עולם, נעתק ע"י ר, יtראל ממינסק.
2. אויפֿגעעפֿנט מישנדיק. אַן א'ע שטעל אין (פֿון) אַ בוך. ,,גאַנץ ארץ־ישׂראל ליגט א, אין אירע מרחקים ווי אַ סידור וואָס די מתפּללים האָבן פֿאַרלאָזן", ייִס, טאָג, 3 .25 1960 I. אויפֿדערמאַנט. א'ע חטאָים.

אויסגעמישטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעמישט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעמישט. ,,אַלץ קומט בײַ אים אַרויס א, און מע קען ניט פֿאַרשטיין וואָס ער איז אויסן". ,,כאָטש נעם אַ קרבן־מנחה־סידור, לייג אַרויף אויף זיי א, און שטעל זיך דאַוונען,,, ווײַט, ,א חתן ווערן'.
אויפֿגעמישטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט. אַדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעמישט. אַן
א, פֿון פֿאַרשיידענע ענינים.
אויפֿגעמלאָכהט — [...מעלאָ'כעט] אַדי, פֿאַר
אויפֿמלאָכהן ←. דזוו אויפֿגעמײַסטערט (←),
נאָר בלויז איר אָדער פֿעיאָ.

אויסגענאַשט — אַדי, פֿאַר אויפֿנאַשן ←.
אויפֿגעגעסן נאַשנדיק. די א'ע טייגלעך.

אויסגענומען — אדי, פֿאַר אויפֿנעמען ←.
אויך: ~גענעמען, פֿד. מיט פֿאַרשיידענע
בּבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ 1. אַרײַגגענרמען איו

אויפֿגענומענערהייט

(אייגענעם) קרײַז. „פֿון זײַן פֿאָלק איז ער
אָפּגעריסן און פֿונעם פֿרעמדן פֿאָלק ניט א'„,
ממוס, אַ גרויע האָר'. 2. וואָס מע האָט

מקבל פּנים געווען. די א'ע געסט. 3. וואָס
מע האָט אָנגענומען אויף אַ שטעל (אַמט).
אָפּט טובֿ. ,,ווען איינר מעכט ניט — אין איינר
רבֿיעת שנה אין בּית־עלמין קומין, זאלין ג"ו
[= גבּאים ומבֿוררים] צו איינאנדר געהן אונ
האיש ההוא איין אויפֿגענומענר זאַל מן
אבּשאפֿפֿען", 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה
קדישא,, תּנ"בּ [□□□□d□□.□□□□□oh□.] ,,אגודת
אַחים
אַנשי ספֿרד אָוו איסט פֿלעטבּוש...לאָזט וויסן
...אַז אונדזער נײַ־א'ער שליח־ציבּור...", טמז,
מודעה. 4. וואָס מע האָט אָנגענומען פֿאַר
אַ(ן) (אייבּער)האַר, געשטעלט איבּער עפּעס,
עמעצן. ,,און איין היכל איז אין הימל...זײַנען
די ממונים...א, איבּער נשמות...", דרכי עולס,
ווילנע 1866. 5. אַרויפֿגענומען אויפֿן
סדרהיום און בּאַטראַכט. די □ע פֿראַגע.

□

אויסגענומענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגענומען.
,,פֿריִער האָט מען אים ניט געוואָלט אויפֿנעמען,

דערנאָך א, האָט מען אים פֿאַרשטויסן,,, רייד.

▯

אויסגעניורעט — אדי, פּאַר אויפֿניורען זיך ←. וורר. זיך צונויפֿגעבּונדן, געמאַכט יד־אַחת, געוואָרן מיט יענעם איינס. א'ע חבֿרהלײַט.

▯

אויסגענייט — אדי, פּאַר אויפֿנייען ←. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט נייען. א'ע מלבּושים. *בּײַ מיר איז צוגעשניטן און א, = גערעדט (געזאָגט) און געטאָן.

▯

אויסגענייטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגענייט. א, פֿאַרבּרענען בּײַם פּרעסן.

▯

אויסגעניצט — אַדי, פּאַר אויפֿניצן ←. וואָס
איז פֿאַרניצט בּ אַן אַרבּעט אָדער פֿאַר עפּעס
י
אַ ציל. א'ע מאַטעריאַלן, כּוחות.

אויסגענעמען — דזוו אויפֿגענומען ←.
אויפֿגע'נעצן אוטוו. ־עץ אויף, ~
געגענעצט. בּרייט אויפֿעפֿענען זיך (מיט אַ געגעץ
אָדער ווי עס עפֿנט זיך אַ מויל בּ אַ גענעץ).
י
„אויפֿגעגענעצט ס'האָט דער גרויער טאָג“, אצג,
מעפֿיסטאָ. „אַ בלאַנקע שער האָט
אויפֿגעגענעצט און זיך צוגעמאַכט“, הר, ליים.

אויסגעסדרט — ← אויסגעסדרט.

-

אויסגעסטעבּורטשעט — אַדי. < אוק. סל.

אוקר (קיִעווער גובֿ). צעשויבֿערט;
אויפֿגערודערט. א'ע האָר. „וואָס בּיסטו אַזוי א,?“.

▯

אויסגעסטראָיעט — אַדי, פּאַר
אויפֿסטראָיען ←. 1. סל. אויפֿגעבֿויט. 2. איר.
אויפֿגעפּוצט, אויפֿגעצאַצקעט. אַן א'ע פּריזור.
3. בּרוגז, אָנגעבֿלאָזן. „וואָס גייסטו אַרום א,
אויף מיר?“.

▯

אויסגעסטריגעוועט — אַדי, פּאַר
אויפֿסטריגעווען ←. 1. ציַיטוויַליק צונויפֿגענייט
מיט וואָלווועלן פֿאָדעם און גרויסע שטעך.
אַן א'ע מאַרינאַרקע. 2. ציַיטוויַליק, גיך
אויפֿגעשטעלט. „אויף גיך א'ער נאַציאָנאַליזם“,
ייִל, ▯ ונעם יאַריד. „אין די אויפֿדערנאַכטן
ליגן זיי בּיידע אויף די נאַרעס פֿון דעם א'ן
בּאַראַק“, א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.

אויפֿגעסילעט — אַדי, פֿאַר אויפֿסילען ←.
אויפֿגעצילעט, אַרויפֿגעצויגן אויף אַ שנירל.
„דאָס האַרץ מײַנס גאַרט נאָך ווערטער, א, אויף אַ ניגון, ווי פּערל אויף אַ פֿאָדעם זײַד,„ הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט.
אויפֿגעסרייבּ(ר)עט, ~געסריידעט
ווערן — פּאַס. ווער א', בּין געוואָרן א'. < פּויל. פּר, גאַליציע. ווערן מיטאַמאָל רײַך (וועגן אַן אָרעמאַן וואָס איז גיך געוואָרן אַן אויפֿגעקומענער נגיד). „זעטס נאָר ווי ער איז א, געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן!“. אַן א'ער גבֿיר.
אויפֿגעסריילעט ־סראַלעט ווערן
, — דזוו
-
דפֿוו, נאָר פּעיאָ [פֿאַרדרייט עס זאָל קלינגען ווי פֿאַר נדן מיטן ווערבּ sra שײַסן].
בּ

-
אויסגעסנט — אַדי, פֿאַר אויפֿעפֿענען ←.
געמאַכט עס זאָל זײַן אָפֿן. מײַן א, האַרץ. די א'ע טיר. „לײַכטן א, אַלע קדושה־רערן, און

עס קענען שוין די קליפּות זיך ניט ווערן“,
אַל , 'ר, לוי יצחק פֿון באַרדיטשעוו'.
-

אויסגעעסנטערהייט — אַדוו. ווען עס איז
(מע האָט) שוין אויפֿגעעפֿנט. לאָזן די
פֿענצטער א —
'.

אויסגעעסנטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעעפֿנט.
„אַן א, וואָס דאַרף קומען פֿון אינעווייניק“,
צײַט, טמז, 5 1957 II.
אויפֿגעפּאָלסטערט — אַדי, פּאַר
אויפּפּאָלסטערן ←. אויפֿגעשטאָפּט; אַרײַנגעפּאַקט
אינעווייניק אַ שטאָף (וועגן מעבל), עס זאָל זײַן
העכער, ווייכער. אַן א'ע שטול.

אויסגעפּאַסט — אַדי, פּאַר אויפּפּאַסן ←.
אויפֿגעהיט, אָפּגעהיט; וואָס מע גיט (לייגט)
אַכט אויף דעם. די א'ע קינדערלעך.

אויסגעפּאַקט — אַדי, פּאָר אויפֿפּאַקן ←.
1. צונויפֿגעפּאַקט, פֿאַרפּאַקט. אַוועקשיקן די א'ע סחורה. 2. צעפּאַקט, פֿונאַנדערגעפּאַקט.
אַ􏰀עקלייגן די א'ע סחורה אויף די פּאָליצעס.
אויסגעפּאַקטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעפּאַקט. אַרויסטראָגן

􏰀

א'.
אויסגעפּאָרט — אַדי, פּאַר אויפֿפּאָרן ←.
צונויפֿגעפּאָרט, צונויפֿגענומען אין פּאָרן. גיין אויפֿגעפּאָרט און געאָרעמט.
-
אויסגעפּאָרטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעפּאָרט. אַוועקלייגן ד — סקאַרפּעטקעס א'.
י
אויסגעפּאַרעט — אַדי, פּאָר אויפֿפּאַרען ←.

אויפֿגעקאָכט, דערפֿירט צום מצבֿ פֿון
אַרויסגעבֿן פּאַרע. דאָס א'ע וואַסער.

-

אויסגעפּאַשעט —, אַדי, פּאָר אויפֿפּאַשען ←.
געמאַכט פֿעט, גראָבֿ, מיט אַ געזונט אויסזען;
אויפֿגעכאָוועט. די א'ע גענדזלעך.

-

אויסגעפּאַשעטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעפּאַשעט. פֿאַרקויפֿן
די גענדז א'.

-

אויסגעפּוישט — אַדי, פּאַר אויפֿפּוישן ←.
אויפֿגעבֿלאָזן, אויפֿגעשוואָלן; אָנגעשטאָפּט, עס
זאָל אַרויסשטאַרצן. א'ער בֿויך. א'ער זאַק.
„וועג אויף לאָנקע הינטער דאָרף איבֿער א'ן
טאָרף“, י. ראָלניק, 'וועגן'.

-

אויסגעפּוישטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן)

אויפֿגעאויפֿגעפראַלט

פּוישט. א, קען מען דעם טשעמאָדאַן ניט
פֿאַרשליסן.

אויסגעפּוכעט — אַדי, פּאָר 'אויפֿפּוכען'.
אויפֿגעלייגט, צונויפֿגעבלאָזן, אָנגעבערגלט ווי
פּוך. "די ערשטע שיכטן שניי...זענען געלעגן
א, פֿון אויבנאויף,,, אַש, תּהילים—ייִד.

אויסגעפּוצט — אַדי, פּאָר אויפֿפּוצן ←.
1. געפּוצט פֿון אויבן; ווידער (פֿונדאָסנײַ)
אויסגעפּוצט; געמאַכט ריין, שײַנענדיק. א, ווי
צו א חתונה, ווי פֿאַרן פּריץ, וו אַן אַלטע
מויד. אַן א, היטעלע = מיט סטענגעס,
באַ
צירונגען אע. *אַן א'ער עושר (נגיד, גבֿיר) =
ווער עס מאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז
רײַכער ווי אין־דער־אמתן. "[ער וועט דעם נדן
ניט קענין באַצאָלן] ווײַל איך ווייס דאָס ער
איז נאָר אַן א'ער עושר", אַל"ק

נקאַרטוזשינטקי▯, גליקלעכע פֿאָמיליע, וואַרשע 1881.
2. געמאַכט פֿון אַ פּוצערין, אַ מאָדיסטין.
דאָס ווײַב טראָגט די טײַערסטע זײַדנצײַג, בײַ
דער ערשטער מאָדניצע א'“, ארז, קמ, 1866,
3. ▯

אויסגעפּוצטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעפּוצט. אָנטאָן דאָס אַלטע היטעלע א'.

▯

אויסגעפּוצטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעפּוצט. אַן אויסגעשײַערטקייט, אַן א'.

▯

אויסגעפּוצקעט — אַדי. דזוו אויפֿגעפּוצט, נאָר איר, שפּאָט־לשון.

אויפֿגעפּינדזלט, ־פּענדזלט — אדי, פּאַר אויפֿפּינדזלען, ~פּענדזלען ←. אויפֿגעמאָלט מיט אַ פּענדזל; גיך, ניט גוט אויפֿגעמאָלט. „אַזוי ווײַט זיך שפּרייט די לאַנדשאַפֿט...דאַכט זיך ס'איז נאָר א'„, יהואָש, 'פֿון די קעטסקילבּ▯רג'.

אויסגעפּיקט — אַדי, פּאַר אויפֿפּיקן ←. אויפֿגעגעסן פּיקנדיק מיט אַ שנאָבל. די א'ע

קערנדלעך.
אויפֿגעפּלאָנטערט — אדי, פּאַר
אויפֿפּלאָנטערן ←. 1. וואָס פֿון דעם איז געמאַכט אַ פּלאָנטער; צונויפֿגעפּלאָנטערט. די א'ע פֿאַקטן. א'ע רייד. 2. וואָס פֿון דעם איז געמאַכט אויס פּלאָנטער, פֿונאַנדערגעפּלאָנטערט. א'ע פֿעדעם.
אויפֿגעפּלאַצט — אַדי, פּאָר אויפֿפּלאַצן ←.
פֿון זיך (מיטאַמאָל) אויפֿגעריסן, א⸗יפֿגעבראָכן מיט אַ קנאַל. אַן א'ער האַנטגראַנאַט.
אויפֿגעפּלומפּט — אַדי, פּאַר אויפֿפּלומפּן.
נעאָל. אויפֿגעעפֿנט (וועגן אַ פּלומפּ), עס זאָל ניט שאַפֿן קיין דרוק. „זענען זיי אַרייס פֿאַרקריפּלט, אײַנגעשרומפּן, א, די בלוטן־פּלומפּן“, בראָד, באַגײַסטעדונג.
אויפֿגעפּלעט — אַדי, פּאַר אויפֿפּלעטן ⸗...
אויסגעפּרעסט, אויסגעפּלעט ←. אַן א, העמד.
אויפֿגעפּלפּולט — [...פּילפּלט] אַדי, פּאַר אויפֿפּלפּולן ←. אויפֿגעבויט, אַרויסגעדרונגען מיט אַ פּלפּול. אַן א'ע סבֿרה.
אויפֿגעפּראַוועט — אַדי, פּאַר אויפֿפּראַווען ←. צוגעריכט מיט עפּעס וואָס גיט צו טעם, איז שאַרף. א'ע מאכלים.
אויפֿגעפּראַלט — אַדי, פּאַר אויפֿפּראַלן ←.

1. בּרייט צעעפֿנט (מיט אַ קלאַפּ). א'ער

טויאויפֿגעפּראַלטערהייט

ער. „...דורך די טירן אַרויס און די א'ע
פֿענצטער“, ווײַס, 'מזל־טובֿ,. „די שערי רחמים
זענען א'... זײַנע תּפֿילות גייען גלײַך דורך דעם
אָפֿענעם בּלויען הימל פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד“, אַש,
תּהילים־ייִד. 2. פֿיג, פֿרײַ, וואָס איז אָן
שטערונגען. „וואו רוט דײַן ווײַטער וועג? אין
יענער בּלינדער ערד פֿון א'ע טעג?„, מל,
,האַרבּסט'.
אויפֿגעפּראַלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין בּרייט צעעפֿנט. „די טירן בּלײַבּן א,
און יעדערער קען אַרײַנקומען„, רייד.

אויסגעפּראָפּט — אַדי, פּאַר אויפֿפּראָפּן ←.
“צוויי א'ע פֿלעשער ווײַן“, ייִט, פּוילן I.

-

אויסגעפּרײַכט — אַדי, פּאַר אויפֿפּרײַכן ←.
אויפֿגעעפֿנט בײַם פּרײַכן. „פֿון זייערע א'ע
מוילשפּאַלטן שפּאַרט...אַ גרויליק געוואָי“, ל.

גודמאַן, היימיש, 19□1, II□-I□ו.

אויפֿגעפּרעגלט — אַדי, פּאַר אויפֿפּרעגלען ←. וואָס מע האָט ווידער אָדער אַ ביסל געפּרעגלט; וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט פּרעגלען. א'ע לעבערלעך.

אויפֿגעפּרעגלטערהייט — אדוו. ווען מע האָט (איז שוין) אויפֿגעפּרעגלט. עסן די קאַרטאָפֿעלעך א'.

-

אויסגעפּרעסט — אדי, פּאָר אויפֿפּרעסן ←. 1. אַ ביסל אָדער ווידער (נאָכאַמאָל פֿונדאָס, נײַ) געפּרעסט; איבערגעפּרעסט. "איך האָב ניט ליב אַז דאָס העמד איז א', עס דאַרף זײַן גוט אויסגעפּרעסט". 2. אויפֿגעדריקט. א'ע

□ □

אותיות.

אויסגעסאָכט — אַדי, פּאָר אויפֿפּאָכן.
אויסגעשטעלט פֿאָרויס, אויף אַרויף (ווי עפּעס
מיט וואָס מע פֿאָכט). „שפּרינגט אַ וועווערקע
פֿון בּוים מיט הויכן א'ן עק“, יהואָש, 'תּשרי'.
„אַ וואַסערשלאַנג אַן אויסגעקנוילטער, אַן

--

א'ער“, בּראָד, איבּערגאַנג. אויך: ~
געפּאָכעט.
אויפֿגעפֿאַלן — אדי, פּאַר אויפֿפֿאַלן ←.
~געפֿאַלענער. וואָס פֿאַלט איַין; וואָס וואַרפֿט
זיך אין די אויגן; וואָס איז אַרויפֿגעפֿאַלן.
א'ענער געדאַנק. א'ע פֿעדערן פֿון די
היטעלעך. א'ענער שניי.
אויפֿגעפֿאָרבּן — אַדי, פּאָר אויפֿפֿאַרבּן ←.
~געפֿאָרבּענער. געפֿאָרבּן פֿון אויבּן;
אויפֿגעפֿרישט דורך אָפּפֿאַרבּן. א'ענע דילן אַן
.
א, בּילדל אויף דער וואַנט.
אויפֿגעפֿאָרבּענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט (עס איז) שוין אויפֿגעפֿאָרבּן. עס וועט
א —סזע - אַנדערש א,.
וי
אויסגעסאָרן —, אַדי, פּאַר אויפֿפֿאָרו (זיך) ←.

~געפֿאָרענער. צונויפֿגעפֿאָרן. די א'ענע מחותּנים.

אויפֿגעפֿויגלט — אדי, פּאָר 'אויפֿפֿויגלען'.
נעאָל. אויפֿגעשטעלט ווי פֿליגל בײַ אַ פֿויגל. „די לאַצן פֿון זײַן קאַמזויל זײַנען בײַ אים געווען א'“, נאד.

אויפֿגעפֿורעמט — אַדי, פּאַר
אויפֿפֿורעמען ←. געפֿורעמט אויף אַרויף, עס זאָל זיך אַרויסזען. א'ע שטיינערנע פֿיגורן.

אויפֿגעפֿיבערט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿיבערן ←.
וואָס ווערט (פֿון צײַט צו צײַט) דורכגענומען מיט אַ פֿיבער. “דו ביסט עס געווען דער א'ער

פּאָעט“, הל, 'ביסט טאַקע אײַנגעשלאָפֿן, מאַני לייב,.

אויסגעסיטערט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿיטערן←.
אויפֿגעפּאַשעט; אויפֿגעהאָדעוועט. אַן א, קעלבל.

אויפֿגעפֿײַלט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿײַלן ←.

א יפֿגעעפֿנט דורך פֿײַלן. אַן א, קעסטעלע.
אויפֿגעפֿינקלט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿינקלען ←.
וואָס גיט אַ שײַן (אַ פֿינקל) אויף. אַן א'ער
שטערן, בריליאַנט.

אויסגעסירט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿירן ←.
פֿאָרגעשטעלט, פֿירגעבראַכט פֿאַרן עולם (אויף
אַ בינע). די א'ע אָפּערעטע.
אויפֿגעפֿלאַטערט — אַדי, פּאַר
אויפֿפֿלאַטערן ←. וואָס גיט אַ פֿלי אַרויף; וואָס קומט
אַרויף ספּאָנטאַן, ווי מיט פֿליגלען. אַן
אויפֿגעציטערטע, א'ע מחשבֿה. „עס שטראָמט דײַן
בלוט...און ווערט מיט יעדער א'ער מינוט אַלץ
שטראָמיקער„, הל, 'איז דאָס די רו....„
אויפֿגעפֿלאָכטן — אַדי, פּאַר אויפֿפֿלעכטן←.
~געפֿלאָכטענער. צונויפֿגענומען דורך
פֿלעכטן (און אויסגעשטעלט אויף אַרויף). א'ענע
האָר פֿאָדעם לעבן פֿאָדעם טייט, א, אין
אַ קנויט", יהואָש, אין געוועב.
אויפֿגעפֿלאָכטענערהייט — אַדוו. ווען
עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעפֿלאָכטן. טראָגן
די האָר א, אויפֿן קאָפּ.
אויפֿגעפֿלאַמט — אַדי, פּאַר

אויפֿפֿלאַמען ←. 1. וואָס הייבט ווידער אָן ברענען מיט אַ פֿלאַם. א, פֿײַער. „די אויגן ברענען פֿון די לעכער ווי די א'ע קוילן לעבן דײַנע פֿיס“, יהואָש, 'מדבר'. 2. וואָס איז פּלוצעם געוואָרן רויט. „רײַסט זי זיך אַרויס, אָפּשפּרינגענדיק מיט אַן א, פּנים“, ווײַס, 'אַ שלעכטע פֿרוי'. „און מיט א'ע בעקלעך, און מיט אייגלעך, פֿול מיט פֿײַער, שפּרינגט מען....,, אַל I, ,שׂמחת בית השואבֿה'. 4. פֿיג, וואָס קריגט (ווידער) אין זיך ברען, פֿײַערן; אויפֿגעהיצט, אויפֿגערעגט. „שרײַ איך אויס אַן א'ער: 'אָ, דו טײַוול, דו...,“, אַל I , ' קיינמאָלמער,.

אויפֿגעפֿלאַמטערהייט — אַדוו. ווען עס האָט שוין (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעפֿלאַמט. נעמען שרײַען א'.

אויפֿגעפֿלאַנצט — אדי, פּאַר אויפֿפֿלאָנצן. 1. אויסגעשטעלט אין אַ ריי (פּאָדאָליע, גאַליציע). א'ע בערג. 2. דטשמ. (וועגן געווער) מיט אַן אויפֿגעשטעלטן באַיאָנעט. „....אַ זשאַנדאַרם ועלכער היט די הײַזלעך מיט א, געווער אויף זײַנע פּלייצעס“, ח. י. פּערל, פֿאַרלאָשענע ליכט פֿון מאַרמאָרעש, תּ"א, תּשי"ח.

אויפֿגעפֿלויגן — אַדי, פּאַר אויפֿפֿלִיען ←.

~געפֿלויגענער. צונויפֿגעפֿלויגן

אַרויפֿגעפֿלוי.

גן; אַרויפֿגעקומען פֿלִיענדיק. א'ענע מלאָכימלעך.

אויפֿגעפֿליגלט — אדי, פּאַר 'אויפֿפֿליגלען,.

נעאָל. אויפֿגעקומען, אַרויפֿגעקומען (ווי) מיט פֿליגלען. ״מיר, דערהויבענעם פֿון אַש,...א'ן

אין רעש פֿאַרווערן האַקן וועלדער פֿון

-

מײַן האַרצן?,,, פּמ, סתּם.

אויפֿגעפֿליקט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿליקן ←.

1. אויפֿגעעפֿנט מיט אַ צי, מיט אַ צופּ;

אויפֿ

אויפּגעצויגנהייט

געריסן. דאָס א'ע העמד. 2. צונויפֿגעפֿליקט, צונויפֿגענומען פֿליקנדיק. א'ע פֿעדערן.

-

אויסגעסעדערט — אַדי, פּאַר אויפֿפֿעדערן

זיך ←. גאָר פֿרי אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף.

,,רויבפֿייגל, פֿון נאַכט־קעלט א'...“, חג, פליטיס.

אויפֿגעפֿראָרן, ־פֿרוירן — אַדי, פּאַר

אויפֿפּירן ←. ~געפֿראָרענער. צונויפֿגעפֿראָרן
אין איין שטיק. אַן א'ענער קנויל שמאַטעס.

▯ -

אויסגעסרישט — אַדי, פּאַר אויפֿפּרישן ←.
וואָס איז (ווידער) געמאַכט עס זאָל זײַן (
אויסזען) פֿריש, נײַ. דאָס א'ע עסן; א'ע מצה;
א, בּרויט. „די אויפֿגעגרינטע, א'ע בּערג פֿון
יהודה", אפֿא, טמז, 1953 II l3.

▯ ▯

אויסגעסרישטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט עס) שוין אויפֿגעפֿרישט.
אַרײַנשטעלן מעבֿל א'. דערלאַנגען דאָס עסן א'.

▯ ▯

אויסגעסרישטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעפֿרישט. אַ בּאַנײַאונג, אַן א', אַן
אויפֿגעמונטערטקייט.

▯ -

אויסגעסרעסן — אַדי, פּאַר אויפֿפּרעסן ←.

~געפּרעסענער. אויפֿגעגעסן (אויף ניט קיין
איידעלן אופֿן). די חיה באַלעקט זיך לעבן
די רעשטלעך פֿון דעם א'ענעם שעפּס. די
אויסגעזויפּטע פּלעשער, די א'ענע וועטשערע.
אויפֿגעצאַפּלט — אַדי, פּאָר אויפֿצאַפּלען ←.
וואָס האָט אַ ציטער, אַ צאַפּל געטאָן; וואָס
הייבט זיך אַרויף מיט אַ צאַפּל. אַן א, לעבן.
זיך אויפֿכאַפּן אַן א'ער.
אויפֿגעצאַפּלטקייט — די (דאָס). מצ נב.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעצאַפּלט. אַן אויפֿגעציטערטקייט, אַן א', אַן
אויפֿגעטרייסלטקייט.

אויסגעצאָרנט — אַדי, פּאַר אויפֿצאָר(ע)־
נען ←. דורכגענומען מיט צאָרן, שטאַרקן כעס.
א'ע פּאַרטיידיקערס פֿון דער פֿעסטונג.
אַרויסלויפֿן אַן א'ער. „דאָס בלוט פֿון קדושים איז
א, אויף דיר“, מלה, 'מיט זיך אַליין'.

-

אויסגעצוואונגען — אַדי, פּאַר
אויפֿצווינגען ←. אַרויפֿגעלייגט (ווי אַ חובֿ, מוז) אָדער

דורכגעפֿירט קעגן ווילן. א'ע מעשׂים; א'ע חרטה.

אויפֿגעצוואונגענערהייט — אַדוו. ווען מע האָט עס (ווען עס איז) שוין אויפֿגעצוואונגען. טאָן עפּעס א'.

-

אויסגעצוואונגענקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעצוואונגען. א, פֿון גורל.

אויסגעצויגן — אַדי, פּאַר אויפֿציִען ←. ~ געצויגענער. 1. דערצויגן, אויפֿגעהאָדעוועט. אַ לײַטיש א'ענע. 2. אַרויפֿגעצויגן אויף אַ שנור. א'ענע פערל. 3. צונויפֿגעצויגן, צונויפֿגעדרייט. "אויבֿ ער דריוולט אויס די פֿעדעם...סײַ ער ציט אַרויס די א'ענע פֿעדעם... אום שבת...איז ער חייבֿ,,, הר, ישעיה סג,,ל בּראט, טל שמים, לאָנדאָן, תּרפּ"ט. 4. (קאַמאַשן־מאַכערײַ) אַרומגעגנייט. די א'ענע בלעטלעך פֿון קאַמאַש. 5. אַרויפֿגעצויגן אין דער הייך. די א'ענע קלעצער.

אויפֿגעצויגנהייט — די. מצ נבֿ. דערציאונג. ,,זײַן שׂכל און זײַן קענטשאַפֿט וואָלטן

אויפּגעצוינן ווערן

געווען אינגאַנצן אין דער צײַט פֿון זײַן א',,, חה, 132. [נר.]

אויסגעצויגן ווערן — פּאַס. ווער א,, בין געוואָרן א'. געוויינטלעך: דערצויגן ווערן. א, ווערן אין אַלע גוטיקייטן. ,,...איז א, געוואָרן אויף זײַד, מיט אַלערליי פֿאַרגעניגנס,,, שע, יוגנט־ראָמאַנען.

אויסגעצדיגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעצויגן. אַן אויסגעאיידלטקייט, אַן א'.
אויסגעצויגענערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (מען איז) שוין אויפֿגעצויגן; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעצויגן. ווײַז די פּערל א, אויף אַ שנור. א, אין דער פֿרעמד, צוריקקומען אַ גאַנצער לײַט.
אויסגעצונדן ווערן — פּאַס. ווער א', בין

געוואָרן א'. 1. אָנגעצונדן ווערן (מיטאַמאָל, פּלוצלינג). ליכט איז א, געוואָרן. 2. ליכטיק ווערן, דורכגענומען ווערן מיט אַ שײַן. „זײַן מוח איז פֿון דעם מיטאַמאָל א, געוואָרן...און אַ גרויסע ליכטיקייט האָט אַ שטראָם געטאָן...“, הל, 'דער וואָלף'. 3. ווערן זייער אין כּעס, אויפֿצאָרענען. א, ווערן און זיך וואַרפֿן שלאָגן.
-

אויסגעצופּט — אַדי, פּאַר אויפֿצופּן ←.
צונויפֿגענומען צופּנדיק פֿליקנדיק. די א'ע
פֿע,

ד□ם.
אויסגעצוקט —, אַדי, פּאַר אויפֿצוקן ←.
1. אויפֿגעפֿרעסן, צעריסן פֿון אַ חיה. דאָס א'ע שעפֿעלע. 2. וואָס נעמט אינגאַנצן דורך, מאַכט מע זאָל אויפֿציטערן. “...שטיל טרויערן
נ□]־. זיי אין א'ן ווײ“, לאַפּין, צייכנס.
אויסגעציטערט — אַדי, פּאַר אויפֿציטערן←.
1. דורכגענומען מיט אַ ציטער. „א, מיט דער שפּע פֿון דעם פֿרישן פֿרילינג, איז דער בוים בײַ מיר אין הויף“, אלף כּץ, אינזיך, 1928, III□י. 2. זייער שטאַרק (און פּלוצלינג) אויפֿגערעגט. א'ע פֿון שרעק.

אויפֿגעציטערטערהייט — אַדוו. ווען
מען איז שוין אויפֿגעציטערט; אין מצבֿ פֿון
זײַן אויפֿגעציטערט. ניט קענען ענטפֿערן א,
פֿון כּעס.
אויפֿגעציטערטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעציטערט. אַ מאָראַלישע א'. אַן א, פֿון עקל און
פֿון שרעק.

אויסגעצייכנט — אַדי, פּאַר אויפֿצייכענען←.
אויפֿגעשריבן, אויפֿגעמאָלט. די א'ע פּרײַזן. די
א'ע פּלאַנען.
אויפֿגעציילט — אַדי, פּאַר אויפֿציילן ←.
אָנגעציילט, צונויפֿגעציילט, אויפֿגערעכנט. די
א'ע חטאָים. די א'ע עטלעכע גראָשנס.
אויפֿגעציילטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעציילט. אָפּגעבן
עפּעס א'.
אויפֿגעצילע(ווע)ט — אַדי, פּאַר
אויפֿצילע(ווע)ן ←. 1. אַרויפֿגעצויגן אויף אַ שנור,
פֿאָדעם. „אַזוי ווי קריסטאָל אָדער פּערל, א,
אויף אַ שנור“, חה, בֿ, 301. „יעדער ייִדיש
וואָרט וואָס ער האָט צוזאַמענגעקייטלט אין
פֿאָרזיכטיק א'ע זאַצן“, יג, תּוך. 2.

אַרויפֿגעלייגט איינס אויף דאָס אַנדערע (ווי אויף
אַ שנור). „די רעדער זענען א, אויף אַ הויכן

41

סלופּ“, ראַבּאָי, אייגענע ערד. אויך: ~
געציליעט. „ער פֿלעגט ווי פּערל א'ע זיי ציילן“,
י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.

-

אויסגעצירט — אַדי, פּאַר אויפֿצירן ←.
אויפֿגעפּוצט. ווענט א'ע מיט בּילדער.

אויסגעצערט — אַדי, פּאַר אויפֿצערן ←.
1. אויפֿגעגעסן, אויסגעגעבּן אויף לעבּנסמיטל.
א'ער רווח; א'ע קראָם. 2. קליינלעך; קאַרג.
פּד, גאַליציע. א'ע אויף אַ גראָשן. „דער
עסטרײַכישער ייִד איז א, אויף אַ קרייצער און
מאַכט זיך מבֿוזה בּײַם פּראָסטן קריסט„, קמ,
.No ,1 3 37
אויסגעקאָכט — אַדי, פּאַר אויפֿקאָכן ←.
1. וואָס מ'האָט פֿאַרענדיקט קאָכן. א'ע מילך.

2. אויפֿגעבראַכט, אויפֿגערעגט;
אויפֿגעצאָרנט. אַרומגיין אַן א'ער, אַ צעקאָכטער. „זוכט
ער נאָר אויף וועמען אויסצולאָזן זײַן א'ן
כּעס„, זש, שקלאָווער קינדער. „...זוכט די
אייפֿערזוכט צו שטילן פֿון דעם א'ן
קינסטלער“, יהואָש, 'פּאַגאַניני'..

אויסגעקאָכט ווערן — פּאַס. ווער א',
בין געוואָרן א'. אויך: שטאַרק אויפֿגערעגט
ווערן, זיך צעהיצן. „אַ מענטש ווערט א, איבער
אַ—גאָר־גאָרנישט“, שע.
אויסגעקאָכטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז (עס איז) שוין אויפֿגעקאָכט; אין מצבֿ פֿון
זײַן אויפֿגעקאָכט. זאָגן עפּעס א'. „איך האָבּ
ליבּ מילך ניט א', נאָר בּלויז
אָנגעוואַרעמטערהייט„..

-

אויסגעקאָכטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעקאָכט. אַן
אויפֿגעבּראַכטקייט, אַן א, אַז גאָט זאָל שומר
ומציל זײַן.

אויפֿגעקאַלויצעט — אַדי, פּאַר
אויפֿקאַלויצען ←. „געמאַכט די לופֿט פּונקט אַזוי א,
ווי דער פֿאַרוואָלקנטער הימל“, בערג, בײַס
דניעפּער I.

אויפֿגעקאַלופּעט — אַדי, פּאַר
אויפֿקאַלופּען ←. אויפֿגעגראַבלט מיט די פֿינגער, נעגל.
אַ□ א'ע וואונד.

אויסגעקאַמט — אַדי, פּאַר אויפֿקאַמען ←.
פּפֿ: ~געקעמט. אַרויפֿגעקעמט;
אויסגעקעמט. א'ע האָר, פֿריזור.

□

אויסגעקאָפּעט — אַדי, פּאַר אויפֿקאָפּען ←.
סל. אויפֿגעגראָכן. „פֿעלדער באַארבעטע, א'ע
...אויפֿגערוימטע...,„ אַש, תּהילים־ייִד. „אַן
אײַנגעבויגענער איבער אַ ווייו א'ער בייט...“,
דעמבלין, צאַנקענדיק ליכט.

□

אויסגעקאָרטשעט — אַדי, פּאַר
אויפֿקאָרטשען ←. אויפֿגעקנוילט, צונויפֿגעקנוילט,
צעקנייטשט. א'ע העמדער.

אויסגעקאָרטשעטערהייט — אַדוו.

צונויפֿגעדרייטערהייט, צעקנייטשטערהייט. ליגן א, אויף דער קאַנאַפּע.

אויסגעקאַרפּעט — אַדי, פּאַר אויפֿקאַרפּען ←.

אויפֿגעקנייטשט, צעקנייטשט; וואָס האָט אין זיך קאַרבן. "די קליידער...ווערן דורך [פֿאַרבן] צעקנייטשט, א, און פֿאַרלירן דעם פֿאַסאָן,,, ש. שפּיראָ, קליידער־פֿארבערײַ, וואַרשע 1900.

אויפֿגעקאָרק(ע, עווע)ט — אַדי, פּאַר אויפֿקאָרק(ע, עווע)ן ←. אויפֿגעעפֿנט דורכן אַדויסציִען דעם קאָרק. ,,ס'האָט אַרויסגעזעצט

אויפּגעקומען

ווי שטאַרקע משקה פֿון אַ פּלוצלינג א'קעטער פֿלאַש", בערג, בײַם דניעפּער. א'ער ווײַן.

אויסגעקוואָלן — אַדי, פּאַר אויפֿקוועלן ←.

~געקוואָלענער. 1. אויפֿגעגאַנגען,

אַרויפֿגעקומען פֿון אונטן פֿון אינעווייניק (אַזוי ווי
,
אַ קוואַל). א'ענע חלות. א'ענע געפֿילן.
„ס'איז די ערד אַן א'ענע געלעגן„, י.
יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל. 2. וואָס איז
אַזוי ווי גרעסער (בּרייטע) געוואָרן פֿון אַ
פֿריידיק געפֿיל. א'ענע (פֿון נחת), הערן זיי
די חכמות פֿון אייניקל.
-

אויסגעקוועטשט — אַדי, פּאַר
אויפֿקוועטשן ←. צונויפֿגעדריקט. א'ע פּאַרשוינען
א ן אַ בּויד.
י

אויסגעקוועטשטערהייט — אַדוו. ווען
מען איז (מע האָט) שוין אויפֿגעקוועטשט; אין
מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעקוועטשט. זיצן א,
זאַלבּעדריט אויף איין בּענקל.

אויסגעקוטשעבּורעט, ־קאַטשעבּורעט
— אַדי, פּאַר אויפֿקוטשעבּורען. < קוטשע +
בּורע. אויפֿגעמישט אין קופּע, קוטשע;
אויפֿגעקנייטשט, אויפֿגעפּלאָנטערט. א'ע שמאַטעס.
„...מיט אַן א'ן לאַץ וואָס איז אָפּגעשטאַנען פֿון

פידזשאַק‟, א. קאַהאַן, מענטשן פֿונעם אַלקער.
אויפֿגעקויטשקעט — אַדי, פּאַר
אויפֿקויטשקען. אויפֿגעדרייט, צונויפֿגעקנוילט. „ד
קאַץ איז געלעגן א, אין דרײַען‟.

אויסגעקויסט — אַדי, פּאַר אויפֿקויפֿן ←.
צוזאַמענגענומען, צונויפֿגעקליבן דורך קויפֿן;
צונויפֿגעקויפֿט. א'ע בילדער פֿון דעם
באַרימטן מאָלער. א'ע תּבֿואה.

אויסגעקויסטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעקויפֿט. האַלטן אין
שפּײַכלער א, און וואַרטן אויף אַ יקרות.
אויפֿגעקוליעט — אַדי, פּאַר אויפֿקוליען.
צונויפֿגעדרייט אַזוי אַז עס זאָל אַרויסשטאַרצן.
„אַן אַלטער הונט ליגט א, אויף אַ קופּע
מיסט אין הויף‟, הר, בלויע פֿלאַמען.

-

אויסגעקומען — אַדי, פּאַר אויפֿקומען ←.

אָפּט סובֿ. מיט פֿאַרשיידענע בבֿ פֿון ווערבֿ.
ספּעצ: 1. וואָס איז גיך רײַך געוואָרן (אָן
יחוס, אָן אײַנגעפֿונדעוועטן בעל־הבתּישן פֿיר).
,,בעסער אַן א'ער גבֿיר איידער אַן
אָפּגעקומענער עושר,,, שוו. ,,אַן א'ענער (עושר) האָט
פֿײַנט אַן אַלטן מאַן,,, שוו. [יענער געדענקט
נאָך דעם עושרס נידעריקן שטאַנד]. ,,אַן
א'ענעם איז מען טאַקע מקנא, נאַר אין האַרצן
האָט מען אים פֿײַנט“, ממוס, שלמה. ,,חבֿרות
ווערן אומישנע געמאַכט, עס זאָל נישט פֿעלן
קיין כּיבודים פֿאַר...א'ענע עם־הארצים“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. 2. וואָס האָט גיך
געמאַכט אַ גוטע קאַריערע, דערהייכט
געוואָרן. ,,ער איז בײַ אונדז אַן א'ענער
דעהזאָגער“, רייד. ניט קיין אַרויפֿגעאַרבעטער,
נאָר אַן א'ענער. ,,א'ענע עזות־פּנימער,
קאָכלעפֿל און דרייערס“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'.
אַן א'ענער קבצן = א) ווער עס איז גיו

געוואַרן אַ יורד, אַן אָרעמאַן; בּ) ווער עס
נעמט זיך איבער מיט זײַן קבצנות (ווי אַ
פּאַרוועני, מיט זײַן עשירות). 3. וואָס האָט
זיך גײַסטיק, מאָראַליש דערהויבן. ,,בײַם

כסאהכּבֿוד האָט מען ליב נישט די פֿײַן

געבוי

אויפֿגעקומענקייט

רענע, נאָר די א'ענע", פּרץ, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.

-

אויסגעקומענקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. נעאָל. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַן אויפֿגעקומענער. „ייִדיש האָט פֿאָרהיט דעם ייִדנס נײַע גבֿירשאַפֿט פֿון א'", ש. ביקל, טמז, 1955 23. „לאָדזש פֿאַרמאָגט דעם פֿאַרשײַטן אימפּעט פֿון א'", ייִט, פּוילן I.

אויפֿגעקלאַפּט — אַדי, פּאַר אויפֿקלאַפּן ←.
1. אויפֿגעעפֿנט קלאַפּנדיק. א'ער קאַסטן.
2. צונויפֿגעקלאַפּט, צונויפֿגעשלאָגן. א'ע ברעטער, אַן א, בײַדל. 3. צונויפֿגענומען. אַן א'ער קאַפּיטאַל צו עפֿענען אַ קרעמל. 4. אויפֿגעשלאָגן. א'ע אייער. א'ע סמעטענע.

אויפֿגעקלאַסטערהייט — אַדוו. ווען עס

איז (מע האָט) שוין אויפֿגעקלאַפּט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעקלאַפּט. א, דערזען אַז די אייער טויגן ניט.

אויפֿגעקלאָרט — אַדי, פּאַר אויפֿקלאָרן ←.
וואָס איז געמאַכט (געוואָרן) קלאָר (בײַטעם: מיטאַמאָל אָדער פֿון זיך). „ועמעס רויטער קאָפּ מיט בלאָנדן בליק מיט א'ן, וואָס מעקט די בלויע שאָטנס אָפּ?„, סוצ, וואַלדיקס.

אויפֿגעקלונגען — אַדי, פּאַר אויפֿקלינגען ←.
וואָס האָט מיטאַמאָל (הויך) אָנגעהויבן קלינגען. א'ע שבֿחים.

אויפֿגעקליבן — אַדי, פּאַר אויפֿקלײַבן ←.
~געקליבענער. 1. צונויפֿגעקליבן, צונויפֿגעזאַ.. מלט. „באַשרײַבן דאָס לעבן פֿון אונדזער יוגנט אויפֿן סמך פֿון וויסנשאַפֿטלעך א'ענעם און אָפּגעקליבענעם מאַטעריאַל“, ימ, אונזער שול, נ״י. 2. לד. אויפֿגערוימט, צוגערוימט, ריין געמאַכט. אַן א'ענע שטובֿ.

אויפֿגעקליבענערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעקליבן. טײַער האַלטן א'.

אויפֿגעקלעפּט — אַדי, פּאַר אויפֿקלעפּן ←.
צונויפֿגענומען, צונויפֿגעהאָפֿטן דורך קלעפּן; אַרויפֿגעקלעפּט. אַן א'ע מאַרקע. „ס'איז דער

שטאַרקער פֿעלדזנבאַרג פֿון זעמדלעך א,“,
יהואָש, 'דער ליכט־כאָר'. סוב = אויך:
אויפֿגעקלערטער, שפּאָט־לשון. „דער
קליינשטעטלדיקער ייִד גלעט זיך דאָס בערדל און מאַכט
חוזק אויס אויפֿגעקלערטע, רופֿט זיי א'ע“,
קמ, 5 1865, No.
אויפֿגעקלערט — אדי, פּאַר אויפֿקלערן ←.
מיט פֿאַרשיידענע בבֿ פֿון ווערבֿ. אַן א'ער ענין.
ספּעצ: וואָס האָט זיך געלערנט וועלטלעך
וויסן, געגאַנגען אין אַ שול, געבילדעטער,
משׂכּיל. אָפּט סובֿ. „קומען נישט־ווערטע,
שטאַרק א'ע און פֿאַרשטערן מיט זיסע רייד
מיר נעבעך מײַן שטיקעלע פֿרייד“, עט, לידער.
„און דער גוי האָט פֿײַנט אַלע ייִדן צוזאַמען,
סײַ ליטוואַקעס, סײַ היימישע, סײַ א'ע, סײַ
פֿרומע“, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. “די
א'ע האָבן מוחות פֿאַרקערטע, זיי ווילן אין אים
[דעם רבין] ניט גלייבן“, ווער וול זבאַרזשער,
'דער רבי'. “אַן א'ער אין אַ קליין שטעטל
עסט קאַשע מיט חלבֿ (שנויץ מיט ברויט,
חלבֿ מיט טשוועקעס)“, שוו.
אויפֿגעקלערטערהייט — אַדוו. ווען מען

איז (מע האָט) שוין אויפֿגעקלערט. א, וועט
ער רעדן גאַנץ אַנדערש.
אויפֿגעקלערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויפֿגעקלערט. צו א, איז
קיין ברעג ניטאָ. „נעמט אַראָפּ [די הע]! האָט
דער רבֿ געוואָלט צײַגן זײַן א'“, אר, „דער
רבֿ'.

אויסגעקנאַקט — אַדי, פּאַר אויפֿקנאַקן ←.
אויפֿגעעפֿנט דורך צעדריקן מיט אַ קנאַק.
אויפֿגעריסן. א'ע ניס. א'ע באָמבע.
אויפֿגעקנוילט — אַדי, פּאַר אויפֿקנוילן ←.
צונויפֿגעדרייט (צונויפֿגענומען) אין אַ קנויל.
פֿאַלט ער א אַנידער אין די קילע לאַנגע

” , -

גראָזן“, יהואָש, 'שלמהס רינג'. „ער שנײַדט
זיך צווישן די א'ע שלעגערס“, אָפּאַ, טענצערין.
„גיט אַ זאָג אַזוי, שטרעקנדיק צו מיר זײַן
א'ע האַנט“, הל, 'אין אַ יום־טובדיקן טאָג'.
אויפֿגעקנוילטערהייט — אַדוו. ווען מען

איז (מע האָט) שוין אויפֿגעקנוילט; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגעקנוילט. זיך ראַנגלען א,.

אויסגעקנייטשט — אַדי, פּאַר
אויפֿקנייטשן ←. 1. צעקנייטשט, וואָס האָט (איז
געמאַכט מיט) אַ סך קנייטשן. אַן א, קליידל.
,,אַן אַלטע פֿרוי...ווי א'ער קופּער — איר
געזיכט", דא, שטילע געזאַנגען. 2.
פֿונאַנדערגענומען דעם קנייטש (די קנייטשן). לייענען
ד ם א'ן בריוו.
אויסגעקנייטשטערהייט — אַדוו. ווען
עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעקנייטשט; אין
מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעקנייטשט. אַוועקוואַרפֿן אַ
העמד א'.
אויפֿגעקנעפּלט — אַדי, פּאַר
אויפֿקנעפּלען ←. 1. אויפֿגעעפֿנט דורך אָפּשפּיליען
קנעפּלעך. א'ע הײַזעלעך. 2. וואָס פֿילט זיך
ניט געבונדן, זאָגט פֿרײַ, אָפֿן אַרויס. א'ע
רייד; אַן א'ע נשמה.
אויפֿגעקנעפּלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעקנעפּלט.
,,מע גייט ניט אין גאַס א,,,, רייד.
אויפֿגעקעמט — אַדי, פּאַר אויפֿקעמען ←.

דזוו אויפֿגעקאַמט ←. ,,...זיך באַוויזן אויפֿן
טרעפּל מיט איר א'ן קאָפּ האָר ווי אַ
דרײַגאָרנדיקע געבײַדע,,, אָפּאַ, אונטערוועלט.
אויפֿגעקערט — אַדי, פּאַר אויפֿקערן ←.
וואָס איז פֿאַרענדיקט רייניקן מיט אַ באַרשט
אָדער בעזעם. די א'ע שטוב.
אויפֿגעקראַנצט — אַדי, פּאַר אויפֿקראַנצן.
אויפֿגעפּוצט מיט (ווי) אַ קראָנץ; וואָט אויף דעם
האָט מען אַרויפֿגעלייגט אַ קראַנץ. אַן א'ער
אַרון. א'ע לויב.

אויסגעקריצט — אַדי, פּאַר או פֿקריצן ←.
דזוו אויסגעקריצט ←; געקריצט פֿון אויבן.
א'ע אותיות.
אויפֿגעראָיעט — אַדי, פּאַר אויפֿראָיען ←.
אויפֿגעגראָבן, אַרויסגענומען פֿון דער ערד.
,,...דער גרעבליעס נאַקעטע, פֿארשוועכטע
ביינער — די א'ע צווײַגן פֿון יעלניק־ביימער,,,
הר, 'די גרעבליע'.
אויפֿגעראַמט — אַדי, פּאַר אויפֿראַמען ←.
לד. פּפֿ: ~גערדימט, פּד. ~געראָמט,
אוקר. 1. אויסגערייניקט און געבראַכט אין
אָרדענונג (געווײנטלעך וועגן אַן אָרט וואו מע

-

אויפגערוימט

לעבט). א'ע שטיבער. ״פּרײַטיק־צונאַכטס, אין
שטוב איז ריין א': צוויי קליינע מעשענע
לײַכטערלעך שטייען אויף אַ קלאָר־ווײַס טישטעך״,
יר 2 .I. אין אַ געהויבענער שטימוגג, זייער
אויפֿגעלייגט, שטאַרק מונטער. „דער
שטאָטבעל־דרשער איז געווען זייער א, בײַ זיך, ער
האָט אויך אַרײַנגעכאַפּט די צוויי גרויסאַרטיקע
וועטשערעס״, יודישער פֿאַר־פּסח. „אײַלן זיך
די מענטשן, גרינגע, א'ע — לויפֿן נאָך די
שטראַלן הינטער זייערע טריט״, יהואָש, „בײַם
פֿענצטער'. „מײַן האַרץ איז אויפֿגעראַמט [מיט
ביידע בבֿ!] אויפֿסנײַ פֿאַר דיר אַליין״,
ראָל----
ניק, 'אַ דורכגייער האָט דאָ געַרוט'.
אויסגעראַמטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעראַמט. א, זעט
דער חדר אויס גרעסער. זיך צעזינגען א'.

▯

אויסגעראַמטקייט — די (דאָס), ־ן. אויך:
~ראָמטקייט. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון

זײַן אויפֿגעראַמט. אַ געהויבנקייט פֿון געמיט,
אַן א'. „די חכמה פֿון אַמענטשן שײַנט אים
אויס זײַן פּנים אַרוס, און זײַן
אויפֿגרמטקייט דאחט זיך נאָך אַמאָל אַזוי גרוס“, מס,
קהלת, ח, 1. „אַזאַ שבת־א, אין אַ מיטן
אינדערוואָכן“, יהואָש, 'דער ווײַסער טרעגער'.
אויסגערודער — דער, ־ס. 1. (
מיטאַמאָליקער אָדער נאָכאַמאָליקער) איבעררײַס פֿון
סטאַטישקייט, רואיקייט (מיט דרויסנדיקן
אַרויסווײַז פֿון געפֿיל אָדער טיפֿער איבערלעבונג).
□ ווען מיר זעען אַ גרויס א', דאַרפֿן מיר
וויסן אַז משיח וועט באַלד קומען„, מנשה
אונגער, [ציטירט פֿון אַ חסידישן רבין], טמז,
16 □ 1961 II. אַן א, אין דער וועלט פֿון אידייען.
„א, פֿון געוויסן„, הל, טאָג 22 1958 XI.
2. טומל, טרעוואָגע; צונויפֿלו□ף.
אויסגערודערט — אַדי, פּאַר אויפֿרודערן←.
מיט פֿאַרשיידענע בב פֿון ווערב. ספּעצ:
1. שטאַרק באַאומרואיקט, טיף פֿאַרזאָרגט. דאָס
א'ע געמיט. א'ע איבער די לעצטע נײַסן.
2. וואָס קען זיך ניט קאָנצענטרירן, צעטומלט.
אַרומגיין אַן א'ער און ניט וויסן וואו מען איז
אויף דער וועלט. 3. אומרואיק; וואָס איז

אינגאַנצן אָן סטאַבילקייט. אַן א'ע צײַט.
4. אויפֿגערעגט. אַן א'ער עולם.
אויפֿגערודערטערהייט — אַדוו. ווען מען איז (מע האָט) שוין אויפֿגערודערט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגערודערט. ניט קענען עסן, ניט קענען שלאָפֿן א'. אַרומלויפֿן א, איבער די חדרים.
אויפֿגערודערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגערודערט. ,,אַ נײַע שטימונג און אַן א, פֿון געמיט זאָלן אַרויסשטויסן די איצטיקע פֿאַרלאָרנקייט און גלײַכגילטיקייט,,, ימ, קולטור און דערציאונג, 1942.
אויפֿגערויטלט — אדי, פּאָר אויפֿרויטלען←. וואָס איז געוואָרן (מיטאַמאָל אָדער אַ ביסל) רויט. א'ע בעקלעך.
אויפֿגערוימט — ← אויפֿגעראַמט. 1. צום בּ1: "אַ ייִדענע...איז אַרומגעגאַנגען אין אירע א'ע, ליכטיקע שטובן", פּערלע, ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר. ,,אין דער שטוב מיט די אַראָפּגע לאָזטע גאַרדינען...האָט שטענדיק גערוט אַן

אויפּגערוימטערהייט

א'ע דונקלקייט,,, ווײַם, 'דער לערער
גרינשטיין'. 2. צום בּ2: ,,יענע און די זענען עפּעס
ווי אַנדערע מענטשן: יענע זענען א',
יומטובֿדיק, און די זענען פֿאַראומערט,
פֿאַרזאָרגט“, ממוט, שלמה. ,,צו עסן אַ סעודה,
צו זײַן א, (קאָצקער לשון פֿאַר זײַן בשׂמחה),
צו זינגען זמירות — דאָס איז אַ שווערע
עבֿודה“, הרבֿ מ. שוואַרצמאַן, אַמעריקאַנער,
1959 □ 8. 3. בּגילופֿנדיק, שיכּורלע□ ,,זיי
לאָזן זיך א', אַ בּיסל פֿאַרכּוסהט, צווישן די
קראָמען“; ,,רעדלעך אויף דער □אַס, צווישן
זיי אַ בּיסל בּאַזויפֿענע, א'ע“, ממוס. *זײַן
נישט א, = נישט אינגאַנצן געזונט, ניט מיט
אַלעמען. 4. (גנבֿים־שפּראַך) בּאַהאַלטן. ,,
לעפּאַק: וואו בּיסטו געווען א'? סצערבּ: אונטער
ד□ר בּריק“, בּימקאָ, גנבֿים.
אויסגערוימטערהייט, ~גערוימטקייט
— ← אויפֿגעראַמטערהייט, אויפֿגעראַמטקייט.
,,דודלס אויגן טרערן אויך דעמאָלט פֿון דער
שטילער א'קייט, פֿון דעם בּשלווהדיקן אָטעם“,
ווײַם, 'דער איבּערגאַנג'.
אויפֿגערוישט — אַדי, פֿאַר אויפֿרוישן ←.

,,אָן גאווהדיקן בלענד פֿון א'ן זײד", י.
יאַנאַסאָוויטש, א שטוב אין שטעטל.
אויפֿגערונצלט — אַדי, פּאַר אויפֿרונצלען ←.
אויפֿגעקנייטשט; וואָס האָט קנייטשן (
געווײנטלעך וועגן הויט). ,,אַ זויער־א, פּנים בלייכט
זיך וואַקסיק־געל", הר, לייס.

אויסגערוסן — אַדי, פּאַר אויפֿרופֿן ←.
~גערופֿענער. וואָס ווערט גערופֿן
אַרויפֿצוקומען, זיך שטעלן פֿאַר אַ פֿאָרשטייער פֿון
מאַכט פֿאַרן געריכט אע. סוב ספּעצ: ווער
,
עס ווערט גערופֿן צו קריאת התּורה, ווער
עס קריגט אַן עליה. ,,דיני קריאת התּורה...
ווער עס מעג לייענען, ווענען מע זאָל
אויפֿרופֿן, וואָס מע טוט ווען דער א'ער האָט זיך
טועה געווען מיט דער ברכה, חא, ב/ב.
אויך: ווער עס ווערט גערופֿן צום טאָוול אָדער
צו ענטפֿערן אין אַ שול.
אויפֿגערוקט — אַדי, פּאַר אויפֿרוקן ←.
1. צונויפֿגערוקט. די א'ע שטולן. 2.
אויפֿגעעפֿנט (אַ ביסל) דורך רוקן. ,,זי איז
עטלעכע מאָל צוגעקומען צו דער א'ער טיר",

דעמבלין, צוויי און אַ דריטער.

אויסגערוקטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגערוקט. „מיר זיצן
א, שוין צוואַנציק יאָר אַזוי“, ראָלניק, ,
פּאָע ן,.
אויסגעריבן — אַדי, פּאַר אויפֿרײַבן ←.
~געריבענער. 1. ווידער, נאָכאַמאָל געריבן;
וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון רײַבן. א, פֿײַער.
א'ענע עלעקטרע. 2. לר. אויפֿגעגעסן גיך, מיט
אַפּעטיט. א'ענע וועטשערע.
אויפֿגערייטלט — אַדי, פּאַר אויפֿרייטלען
ל
(זיך) ←. פּפֿ: ~גערויט ט. א'ע בעקלעך.
אויפֿגערייכערט — אַדי, פּאַר
אויפֿרייכערן ←. אויך: ~גערויכערט. צוגעגרייט,
פֿאַרטיק געמאַכט דורך (ווידער אָדער אַ ביסל)
אויסרייכערן. א'ע הערינגלעך.
אויפֿגערייכערטערהייט — אַדוו. ווען
עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגערייכערט. עסן
עס א,.

אויפֿגערייעט — אַדי. 1. דזוו
אויפֿגעראָיעט ←. 2. (קאָלאָמיי) שפּאָט־לשון,
אויפֿגערעגט, אין כּעס. „ביסט א'? כ'וועל דיר
געכּן אַ פֿלוי צו צעקײַען,„ פֿוול.

אויסגערייצט — אַדי, פּאַר אויפֿרייצן ←.
מיט פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ:
1. שטאַרק אויפֿגערודערט, געבּראַכט צו אַ
צושטאַנד (נאָענט צו פֿון) היסטעריע. א'ע
—
,
געפֿילן. 2. אויפֿגעהעצט ←. דער א'ער המון.
3. וואָס איז פֿול מיט בּייזקייט, רוגזא, כּעס.
„און מיטאַמאָל — אַן א'ער שפּרונג: זיי
כאַפּן זיך אַליין אָן פֿאַרן גאָרגל", הל, אין
קיינעמס לאַנד. 4. היציק, פֿיבּערדיק,
בּרויזיק. „דער צווייטער שבּת איז געווען גאָך
שטורעמדיקער ווי דער ערשטער...דער א'ער
עולם האָט אונדז מיטגעשלעפּט", מוק, פּרץ
און דאָס יִדישע טעאַטער. „דאָס א'ע
לוקסוסלעבּן האָט געלערנט", שטריגלער.

אויסגערייצטערהייט — אַדוו. ווען מען

איז (מע האָט) שוין אויפֿגערייצט; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגערייצט. א, זיך וואַרפֿן שלאָגן.

אויפֿגערייצטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגערייצט. אַן
אויפֿגעקאָכטקייט, אַן א'. „זײַן קול ווייך —
אַפֿילו אין א'„, ווײַנפּער, ייִד, קולטור, 1953,
.XII

אויסגעריכט —, אַדי, פּאַר אויפֿריכטן ←.
← דוונו. 1. אויפֿגעשטעלט, אויסגעגלײַכט,
וואָס איז מיט אַ געהויבּענעם קאָפּ. בּאר משה
פּאַרטײַטשט 'קוממיות, (ויקרא כו, 13) „אויף
גיריכט„ [תּי: "מיט אַן אויפֿגעהויבּענעם קאָפּ„].
„און זיין קאָפּף זאַל גיבּוקט זיין און ניט אויף
גיריכט„, לט 1, 1/11. „און פֿיר מיך אין אלי
מייני ווענן אויף גריכט און שטאַרק מיר מייני א
גבּיין„, תּחנות ובקשות, דירנפֿורט, 1798.
2. וואָס איז הויך אויפֿן הימל (אין זעניט).
„די א'ע זון אין מיטן הימל וואַרעמט און
בּענטשט דעם גאַנצן בּאַשאַף„. 3. וואָס איז
בּאַפֿרײַט פֿון כמאַרע(ס), וואָס לײַכט ווידער.

„אַ שטילע א'ע זון האָט געלויכטן איבערן
מאַרק“, ווײַס, שטעטל. „דער שטורעם רוט,
און א'ע שטערן דערבּרענען בּיז פֿאַרטאָג
אויף מײַנע בּרעמען“, הל, 'לידער צו אַ ווײַטן
פֿרײַנד'.
4. וואָס איז געוואָרן מזלדיק, געזונט, האָט
חיונה (פּרנסה) אאַזוו (←דוווו). דער א'ער
קבּצן. אַן א'ער נאָך אַ שווערער קראַנקייט.
„אַצונד ווייסט ער, דער רבּי, וואָס די
דיבּוקיםבּאַזעסענע און די משוגעים האָבּן געזען אין
יחיאלן. די דערשלאָגענע דערזעען פֿריִער ווי
די א'ע“, אַש, תּהילים־ייִד.

אויסגעריכט ווערן — פּאַס. ווער א', בּין
געוואָרן א'. 1. בּאַנײַט ווערן, ווידער קומען
צום פֿריִערדיקן שטאַנד; אויפֿגעבּויט,
אויפֿגעשטעלט ווערן. „האָבּן מענטשן ווידער
אָנגעהויבּן צו לעבּן...און די וועלט איז ווידער א,
געוואָרן“, ממו, מסעות. „אַלצדינג אויף דער
וועלט האָט אַ צײַט, אויף דעם אַלטן פּאַלאַץ
איז אויך געקומען זײַן צײַט א, צו ווערן,,,
ממוס, קליאַטשע. „זאָל זי אויפֿגעבּויט ווערן

און זאָל זי א, ווערן אין דער גיך, אין
אונדזערע טעג,,, תּניא, 540. ,,בּלוט צעפּלייצט זיך

--

אויפגעריסן

אויפֿן שניי...לײַב ווערט א, מיט זיך אַליין,,,
הל, 'לידער פֿון אומקום,.

2. בּאַגליקט ווערן, בּאַשאָנקען ווערן מיט
מזל. שבֿועה זאָל איך אַזוי א, ווערן! בּרכה:
זאָלסט וואָס גיכער א, ווערן! א, ווערן דורך
צדקה. ,,דער וואָס ווײנט בּיטער, דאַרף מען
אים זאָגן: השי״ת וועט העלפֿן און דו וועסט
א, ווערן״, לדבֿ, רי״ז. ,,הײַנט איז דאָך די
נאַכט, ווען יעדערער קען א, ווערן פֿרוג,

,

'דער הימל שפּאַלט זיך'. ,,אוי,
דערבּאַרעמדיקער גאָט, לאָמיך הײַנטיקס יאָר אויך עפּעס
א, ווערן!״, ממוס, פּריזיוו.

3. אָפּגעפּרישט ווערן, דערלייזט ווערן (פֿון
אַ דרוק, צרות אע). ,,זי וועט געבּערן אויף
מײַנע קני, און אויך איך וועל א, ווערן,,, תּי,
בּראשית, ל, 3. ,,...פֿינצטער, בּיטער מזל,
אַקעגן וועלכן מיר מוזן עפּעס טאָן...מיר

זאָלן א, ווערן“, ממוס, אַ סגולה...

4. זיך שטעלן אויף די פֿיס נאָך אַ קראַנקייט. „די ווייטיקן וועלן פֿאַרבײַ, באָבינקע, און דו וועסט א, ווערן און נאָך טאַנצן אויף מײַן חתונה“, רייד. 5. (ווידער) האָבן חיונה, פּרנסה, קומען צו אַ לײַטישן שטאַנד. „אַן אָרעמאַן קען א, ווערן, אָבער אַ הויקער בלײַבט מיט זײַן פּעקל“, שוו. „עס איז טאַקע אַ יושר אַז ער זאָל א, ווערן און קומען צו אַ שטאַנד“, ממוס, ווינטשפֿ. „דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא און דער אָרעמאַן איז א, געוואָרן“, פֿמ. 6. דערהויבן ווערן. „אויף מאָרגן נאָך די וואַלן וועט איר א, ווערן!„„ רייד. „„...דערגרייכן אַ תּכלית אַז ער...זאָל א, ווערן“, ממום, שלמה. א, ווערן און שפּילן אַ גרויסע ראָלע.

ויסגעריסן — אַדי, פּאַר אויפֿרײַסן ←. ~געריסענער. 1. צעריסן, פֿונאַנדערגעריסן; אויפֿגעעפֿנט מיט גוואַלד, איבערגוואַלד. דאָס א'ענע העמד. „צווייא רעקלכר אין אנדר ווערין אויף גשנירט גיוועזין אונ, ניט אויף גריסן בלי

דפה [טפּה] דם‘‘, כ‘‘י וועגן מעצער עלילת־דם
1669 [פּש ׳ 2 .II]. אויפֿגעפלאַצט דורך אַ
גרויסער קראַפּט. א'ענע באָמבע. ,,ער איז אַ פֿונק
פֿון א'ענעם אַטאָם‘‘, חג. ,,אַ גאָט־געשיקטער
וואונדער־מעטעאָר אין דער נאַכט דער א'ענער‘‘,
אַל I , 'יהודה המכבי'. 3. אויפֿגעשניטן,
אויפֿגעהאַקט אע. ,,מיט צעשמעטערטע קעפּ,
מיט א'ענע בײַכער, פֿון וואַנען עס זענען
אַרויסגעקראָכן פֿאַרפּלאָנטערטע געדערים,,, ל.
שאַפּיראָ, נאָוועלן.

4. ברייט צעעפֿנט (מחמת באַגער,
גלוסטעניש, נײַגער אע). ,,זיי כאַפּן זיך איינס דאָס
צווייטע אָן בײַ די הענט און שטייען מיט
א'ענע אויגן און אָפֿענע מײַלער‘‘, פּרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. ,,איך האָב
אויפֿגעהאַנגען, שטאָט, אויף דײַן געפֿלעכט פֿון
דראָטן מײַן א, אויג און אָנגעשפּיצטן
אויער‘‘, עק. *א, מויל = אויך: א) הונגעריק;
ב) פֿול מיט זידלערײַען. קומען אַהיים פֿון
דער אַרבעט מיט אַן א, מויל. ,,ענטפֿער איר
ניט אָפּ, זי האָט אַן א, מויל‘‘, רייד. ,,שרײַען
לעמער מיט אַן א, קול [מעטאָנימיע] צו דעם
היטער, צו דעם פּאַסטעך,,, הל, 'ווי אַ סנה'.
*א'ענע נאָז = א) מיט אויסגעברייטערטע

אויפגעריסנקייט

נאָזלעכער; בּ) אַרויפֿגעהויבּענע; ג)
פֿאַרריסענע. „שאָקלט מען זיך פֿון־דער־ווײַטנס מיט
א'ענע נעז“, אַש, שטעטל. „געשמאַקפֿול
געקליידט, מיט אַ א, נעזל“, פּרץ, 'ס'הערצל
צאַפּלט'. *א, קול = אויך: וואָס איז מיטאַמאָל
געוואָרן העכער, שרײַאיק. „וואָס האָסטו מיר
געענטפֿערט מיט אַן א, קול? מעגסט רעדן
געלאַסן צו אַ טאַטן“, רייד.
-
אויסגעריסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעריסן. „איך
קען ניט בּײַקומען אין זיך דעם
היטלערבּראָך אין קראַך, אין א, פֿון מענטשנס תּוך.....,
הל, 'די שעה פֿון גענאָד'.

-
אויסגעריסענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעריסן; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגעריסן. קריגן דעם בּריוו א'.

-

אויסגערעגט — אַדי, פּאַר אויפֿרעגן ←.

1. וואָס איז אַרויס פֿון צושטאַנד פֿון רואיקייט, גלײַכגילטיקייט און געוואָרן מיט מער אימפּעט, שטאַרקער, טיפֿער, נערוועז. א'ע געפֿילן, רייד. באַרואיקן דאָס א'ע געמ□ט. ,,איך בין הײַנט צערודערט און א', עס איז ניט קיין שעת־רצון'', ממוס, שלמה. 2. וואָס האָט אין זיך ציטערניש, שפּאַנונג. ,,שטײַף, מיט אָפֿענעם מויל און א'ער פֿאַרוואונדערונג, האָט דער גערייצטער פּריץ...'', אַש, תּהילים־ייִד. ,,איך האָב אין סיוון ברייט די פֿענצטער אויפֿגעמאַכט, אין ווײַסער, אויפֿגעוועקטער, א'ער נאַכט'', אַל, 'שבֿועות,. ,,...האָט איר מאַשין אַליין פֿאַרפֿאַרטיקט, א'ער, שנעלער'', מאָל, פֿריידקע. 3. וואָס איז שטענדיק הייסבלוטיק, טעמפּעראַמענטפֿול. ,,שלאָגט נישט איבער, אַז ניט וועט זײַן שלעכט, ווײַל איך בין זייער אַן א'ער'', נאַד. 4. צערודערט, צעטומלט, אויפֿגעבראַוזט. ''פּוילן האָט שוין איבערגעלעבט געגוג א'ע צײַטן'', ייִפֿאָל, 1881

.No 24

אויפֿגערעגטערהייט — אַדוו. ווען מען איז (מע האָט) שוין אויפֿגערעגט; אין מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגערעגט. ענטפֿערן א'.

אויפֿגערעגטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגערעגט. אַן א', אַ צערודערטקייט, אַ קאָכעניש.

□

אויסגערעדטערהייט □ אַדוו. ווען מע האָט זיך שוין צונויפֿגערעדט (←. אויפֿרעדן זיך). „ניט א, האָבן מיר זיך בײדע דאָ געפֿונען“, ראָלניק, 'ריווערסײַד דרײַוו'.

□

אויסגערעכט — אַדי. דזוו אויפֿגעריכט ←. „דיא מצווה איז דז דיא כּהנים זאַלן בּענשן אלי ישׂראל מיט אויף גירעכטי אצבּעות“, נצ1, □/א.

אויפֿגערעכנט — אַדי, פּאַר אויפֿרעכענען ←.

1. צונויפֿגערעכנט. א'ע חובֿות, א'ער פֿאַרדינסט.

2. וואָס מע האָט פֿאַר אַ צווייטן אויסגערעכנט (ווי אַ טענה, פֿאָרוואורף). די א'ע טעותן, עוולות.

אויפֿגערעכנטערהייט — אַדוו. וואָס מע האָט (איז שוין) אויפֿגערעכנט. צאָלן ניט־א'.

אויסגערעכנטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגערעכנט. אַ פּינקטלעכקייט, אַ פּרעציזע א'.

אויסגעשאָבן — אַדי, פּאַר אויפֿשאָבן ←. אויפֿגעקראַצט, צונויפֿגעקראַצט. „אָן ציין, עסט די אַלטע נאָר אַן א'ענע מער אָדער אַן

א'ענעם עפּל", רייד.

אויסגעשאָבן — אַדי, פּאַר אויפשיבן ←.
אַרכ. אָפּגעלייגט, אָפּגערוקט. „זא וויל איך דש ער מיט דער הוכצייט וואַרט אונ, איין גנץ יאַר זול זיא זיין אויף גישובן", בּבאבוך, 293. [דטשמ אויך אין קמ: „דער קריג איז לעת־עתּה א'", 17 1866, No].

אויסגעשאָטן — אַדי, פּאַר אויפשיטן ←.
~געשאָטענער. 1. אַרויפגעשאָטן, צונויפגעשאָטן. א, בערגל מיסט. 2. וואָס איז געשאַטן פון אויבן. א'ער צימרינג פריש א'ענער

.

זאַמד.
אויסגעשאָטענערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (עס איז) שוין אויפגעשאָטן. לאָזן מיסט

א'.
אויסגעשאָרוועט — אַדי, פּאַר
אויפשאָרוועט ←. פּד אויפגעמישט, אויפגעבויטעט, אויפגעשאָקלט. „איבערגעבויגן דעם קאָפּ און

שטאַרק פֿאַרטאָן אין דעם א'ן וואַסער, וואָס
די שיף שנײַדט אַזוי אָן אויפֿהער", דעמבלין,
צוויי און אַ דריטער.

-

אויסגעשאָרן — אַדי, פֿאַר אויפֿשערן ←.
אויפֿגעעפֿנט, איבערגעשניטן מיט אַ שער.
א'ענע שטריקלעך. א'ענער קאָנווערט.
אויפֿגעשאַרצט — אַדי, פֿאַר אויפֿשאַרצן ←.
1. געלאָזט פֿרײַ, אויפֿגעעפֿנט, היפּך פֿון
פֿאַרשאַרצט. „אַן א'ע רויטע רויז", בראָד, אַ

,

חתונ'קע'. 2. פֿאַרריסן אויף אויבן. „א'ע
פּויערישע נאָזלעכער", ייִט, פּוילן 3 .I.
פֿאַרקאַטשעט. אַרבעטן מיט א'ע אַרבל. „...אין די
אַרבל־א'ע הענט", ק. צעטניק, היימיש, 1958 .II.
אויפֿגעשוואומען — אַדי, פֿאַר
אויפֿשווימען ←. 1. וואָס איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן
וואַסער פֿון אונטן. א'ע ים־גראָזן. 2.
אויפֿגעבלאָזן, אויפֿגעפּוישט. „דאָס קליינע
מענטשעלע איז...געוואָרן פֿעטער, א'ער פֿון טאָג
צו טאָג", נאד.
אויפֿגעשוואָלן — אַדי. ← דווו. אַן א'ענער

בּויך. „איבּער בּערג און איבּער טאָלן מיט איר
לאָגל ליכט, אין אַ מילגרוים א„ די לבָנה
קריכט“, מל, 'נאַכטליד'.
אויפֿגעשוואָלן ווערן — נייטראַל. ווער א',
בּין געוואָרן א'. 1. ווערן גרעסער,
בּרייטער דורכן פּראָצעס פֿון אַן אינעווייניקסטן
אומנאָרמאַלן אויסוואוקס, אויסשפּרייט. „אַ פֿוס
איז א, געוואָרן און איך קען ניט אָנטאָן דעם
שוך“, רייד. 2. ווערן אויפֿגעבּלאָזן,
אָנגעבּלאָזן, אויסגעשפּרייט פֿון דעם אײַזגאַנג איז

.
דער טײַך א, געוואָרן. א, ווערן פֿון גאווה, פֿון
כּיבּודים. „קלינגט דאָס ליד אין אַלע
הערצער, ווערן די הערצער פֿון די געפֿאַלענע א,
פֿון העלדנמוט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אויפֿגעשוואָלנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשוואָלן.
אַן אָנגעבּלאָזנקייט, אַן א, פֿון גאווה.
אויפֿגעשוואָלענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעשוואָלן.
דורכשטעכן אַ געשוויר א'.

אויפֿגעשויבערט — אַדי, פּאַר

אויפֿשויאויפֿגעשטויבט

-

בערן ←. געבראַכט אין אומאָרדענונג (
וועגן פֿעדערן אע). „שוואַרצע בייטן האָר,
פֿון שסערן א'“, יהואָש, 'מאַרדזשערי'. „און
די פֿעדערן די א'ע וואָס דערמאָנען אונדז די
קראַנקע פֿייגל“, הל.
אויסגעשוידערט — אָדי, פּאַר
אויפֿשוידערן ←. אויפֿגעציטערט, דורכגענומען פֿון
גרויס שרעק, עקל, געפֿיל פֿון פּראָטעסט. א'ע
פֿון דעם שרעקלעכן מאָרד. „א, — פֿאָרנט,
אויפֿגעציטערט הינטער מיר“, בראָד.

אויסגעשוידערטערהייט — אַדוו. ווען מען
איז שוין (אין צושטאַנד פֿון זײַן)
אויפֿגעשוידערט. „אָט הערט זי אַ נאַכט־קרעכץ אַ שווערן,
און באַלד א, פֿאַרוואַרפֿט זי די הענט אויפֿן
שטערן,„ אַל I, ,אין די נעכט פֿון ניסן'.

אויסגעשוידערטקייט — די (דאָס). מצ נ .
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעשוידערט. אַן אויפֿגעטרייסלטקייט, אַן א, פֿון
ש עק.
אויסגעשוימט — אַדי, פּאַר אויפֿשוימען ←.
וואָס האָט פֿון אויבן בּאַקומען שוים, פּיענע.
אויפֿגעשלאָגענער, א'ער שמאַנט. „...פֿון וואַנען
נעמען זיך צו אים די א'ע ווײַנענדיקע
כוואַליעס“, בּערג, בּײַם דניעפּער I. „...דעם גר
נלעך־ווײַסן א'ן וואַסער־שלעפּ„, הר, ליים.

אויסגעשוימטקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשוימט.
„דאָס שיפֿל טראָגט זיך אין דער
צעכוואַליעטקייט, אין דער א, פֿון שטראָם“.
אויפֿגעשוימיקט — אַדי, פּאָר '
אויפֿשוימיקן'. נעאָל. וואָס אויף דעם איז פֿון
אינעווייניק אַרויס, אַרויפֿגעקומען שוים. “איבּערן
דאָרפֿסוועג...זײַנען אויף א'ע הירזשענדיקע
פֿערד אַדורכגעפֿלויגן דרײַ קאַוואַלעריסטן“,
פּמ, מלחמה.

אויסגעשטאָכן — אדי, פּאַר אויפֿשטעכן ←.
~געשטאָכענער. 1. אויפֿגעעפֿנט דורך שטעכן. א'ענער בלאָז, דאָס א'ענע געשוויר. 2. אַרויפֿגעשטאָכן. א'ענער אויף דער שפּיז. „[יללות], א'ענע אויף די אויסגעשטרעקטע ביקסן“, ק. צעטניק, היימיש, 1958, II.

אויפֿגעשטאָכענערהייט — אדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעשטאָכן. אויפֿשטעכן אַ־געשוויר און א, אויסקוועטשן אייטער.

אויסגעשטאַנען — אַדי, פּאַר אויפֿשטיין ←. מיט פֿאַרשיידענע בּב פֿון ווערבּ. ספּעצ: 1. וואָס איז אַרויס פֿון צושטאַנד פֿון שלאָף. „עס גייען אַרויס פֿונעם לאַנגן שלאָף די א'ע בת־מלכּות“, ממוס, שלמה. 2. וואָס איז געוואָרן אויס אונטערטעניק, רעוואָלטירט, טרעט אַרויס (אַין קאַמף) קעגן אַ מאַכט. די א'ע שקלאַפֿן, לייַבאייגענע. א'ע מחנה; אַ ב חנה א'ע.

אויסגעשטאַנענערהייט — אַדוו. ווען מען
איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעשטאַנען.
א, גלײַך לויפֿן זיך באָדן.

אויסגעשטויבט — אַדי, פּאַר אויפֿשטויבן ←.
געמאַכט אַז עס זאָל זיך אויפֿהייבן שטויב.
„קלויען קנאַלן אין וואָלקנס א'ער ערד,„ מל,
אַ ליד פֿון דעם ייִנגל בעבון'. „אין די
,
שווערע וועגן פֿון חלומות א',„ בראָד,
איבער,
גאַנג.

אויפּגעשטוינט

□

אויסגעשטוינט — אַדי, פּאַר אויפֿשטוינען←.
אויפֿגעהויבּן (זיך) אין פֿאַרוואונדערונג. „אַ
פֿרומער בּוים גאַפֿט קוקנדיק דורך זײַנע א'ע
פֿינגער“, א. לוצקי.
אויסגעשטויס — דער, ־ן. נעאָל.
פֿילמאָליקער אַקט פֿון אויפֿשטויסן, צונויפֿשטויסן.
„א, פֿון לופֿטיקע טטיכיעס, פֿײַער־עכאָס“,
סוצ, וואַלדיקס.
אויסגעשטויסן — אַדי, פּאַר אויפֿשטויסן ←.
~געשטדיסענער. וואָס קומט צוריק אַרויף
מיט אַ נאָכטעם, מיט גאַזן. א'ענע מאכלים.
אויסגעשטויסנקייט — די (דאָס). מצ נבּ.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשטויסן.
אַן איבּלדיקייט, אַן א, ווי פֿאַרן בּרעכן.

□

אויסגעשטורעמט — אַדי, פּאַר
אויפֿשטורעמען ←. וואָס קומט אויף ווי אַ שטורעם,
וואָס הייבּט זיך אויף מיט אַ שטורעם. א'ע
פּראָטעסטן. „אין איין אָרט איז ער שטיל □ון
פֿלאַך און אין אַן אַנדערן — א',

אויפֿגעטורעמט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. „די מענטש־געפֿורעמטע, די א'ע — אָט מאָרדן זיי, אָט נבואהן זיי“, צײַט, 'ס'אויסערמענטשלעכע..

▯

אויסגעשטורעמטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשטורעמט. אַן אויפֿגעבֿרויזטקייט, אַן א, פֿון לײַדנשאַפֿטן.

אויפֿגעשטעלט — אַדי, פּאַר אויפֿשטעלן ←.
מיט פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ:
1. וואָס איז געמאַכט אַז עס זאָל זײַן שטײַף און שטיין אויף אַרויף. א'ער קאָלנער, קראַגן. „אַ ייִדיש קלאַפּאָווע היטל איז אַ וואָכעדיק היטל מיט קלאַפּן. פֿון בּיידע זײַטן האָט עס א'ע, מיט קליאָטשע אָנגעשטאָפּטע קלאַפּן„, ממוס, שלמה. „קוים איבּער דעם אָנלען גלאַנצט דאָס גרין־סאַמעטענע, בּרייט־ און שטײַף־א'ע היטל“, פּרץ, 'הכנסת־כלה'. „נישט געזען, דער שירעם זאָל זײַן בּײַ זיי אַן א'ער איבּערן קאָפּ“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
2. אויפֿגעשפּיצט; געמאַכט עס זאָל אַרויסשטאַרצן. א'ע אויערן ווי בּײַ אַ האָז. „... אַרומקוקנדיק זיך פֿאַרוואונדערט מיט אַ פּאָר אויגן

און א'ע אויערן“, ממוס, ספֿר הבהמות.
,,— איז וואָס? פֿרעגט שׂרה מיט א'ע
אוי־־.־.
ערן און אויגן...“, פּרץ, 'משופּע'. ,,האָזן האָבן
אַוועקגעלייגט די א'ע אויערן און
איבערגעשראָקענע זיך אַוועקגעלאָזט איבער די
פֿעלדער“, אָפּא, פּוילישע וועלדער. אויך
אַנאַלאָגיש: א'ע נאָז, א'ע באָרד, אַן א, מויל. ,,...
געבליבן שטיין מיט א'ע נעז און אויסגעשטעלטע
אויגן“, ממום, ,דער חילוף,.
3. געמאַכט עס זאָל שטיין, אָבער עס האַלט
זיך צײַטווײַליק אָדער שוואַכער ווי עפּעס וואָס
איז אויפֿגעבויט. אַן א, געצעלט. אַ סוכּה, אַן
א'ע פֿון טירן און אַ לאָקשנברעט. ,,די
שטיבלעך־קבֿרים, א, פֿון ברעטער“, אר, 'קאַלט'.
4. אויפֿגעריכט, ווידער אויפֿגעבויט. דער א'ער
בית־המקדש. “זאָל אונדז באַשערט זײַן צו
זען דאָס א'ע לאנר“. 5. צוגעשטעלט,
צרגעגרייט, צוגעריכט. א'ע וועטשערע. ,,...מיט
קעראַסין פֿדן ערגעצוואו אַן א'ן סאמאַוואר“,
בערג, בײַס דניעפּער II.
6. אָמט סוב. וואָס איז געמאַכט פֿאַר אַן

אויפֿזעער, אָנפֿירער, ממונה. „די א'ע
אויפֿפֿאַסערס גיבֿן אַכטונג, ווען די קינדער באָדן זיך“.
„און אַז זיי פֿלעגן אויפֿשטיין פֿרי פֿלעגט
,
זאָגן דער ממונה (דער אויפֿגעשטעלטער):
שטייט אויף און לאָמיר גיין קיין ציון“,
זרעים, קכ/א. 7. (וועגן אַ שטים) וואָס פּאַסט
זיך אַרײַן אין ניגון; וואָס איז ריכטיק
אַראַנזשירט. א'ע שטימען. “מיט א'ע קולעכלעך“,
ממוס, ווינטש.
אויפֿגעשטעלטערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעשטעלט; אין מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿגעשטעלט. „לאָמיר זוכה זײַן צו
זען ציון א'“. “שטעל אויף דעם קאָלנער
פֿון מאַנטל. א, וועט דיר ניט זײַן קאַלט“,
רויד.
אויפֿגעשטעמפּלט — אַדי, פּאַר
אויפֿשטעמפּלען ←. וואָט מע האָט אויף דעם
אַרויפֿגעלייגט, אַרויפֿגעדריקט דעם (ווי אַ)
שטעמפּל. א'ע עמבלעמען. אַן א'ע
אונטערשריפֿט.
אויפֿגעשטראַלט — אדי, פּאַר

אויפֿשטראַלן ←. אויפֿגעשײַנט; אויפֿגעקומען,
אַרויסגעקומען אין פֿאָרעם פֿון (מיט) שטראַלן.
א'ע זון. אַן א, פּנים. דער א'ער אמת. ,,
אַוועקגעלאָזט זיך שפּאַנען אין ליכטיקייט פֿון א'ן
אות‘‘, הל, ,אין נאַכט־וואַנדל'.
אויפֿגעשטראַלטערהייט — אדוו. ווען
עס איז שוין (אין מצבֿ פֿון זײַן)
אויפֿגעשטראַלט. זאָגן יאָ דעם חתן א'.
אויפֿגעשטראַלטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿגעשטראַלט. אַן אויפֿגעלויכטנקייט, אַן א'.

￼

אויסגעשטראַמט — אַדי, פּאַר '
אויפֿשטראַמען,. נעאָל. וואָס איז אויסגעצויגן אין דער
לענג, וואָס איז געמאַכט שטײַף. ,,[איך] צייכן
פֿײַער־רויטע צייכנס פֿון מײַן אויפֿגעוועקטער
א'ער פֿרייד‘‘, הל, קיינעמס לאַנד.
אויפֿגעשטרודלט — אַדי, פּאַר '
אויפֿשטרודלען'. נעאָל. וואָס איז געמאַכט ווי אַ שטרודל,
מיט אַ פֿילונג אינעווייניק און פֿאַרוויקלט.
,,ווערטער פֿאַרמאָגן זיי, וואָס זײַנען אַזוי א,
אַז מע קען מיינען אַז זיי זײַנען כּולל עפּעס
אין זיך,,, בערדיטשעווסקי, ייִדישע כּתבֿים.

□

אויסגעשיט — דזוו אויפֿגעשאָטן ←. פּד.
אויפֿגעשיטעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּר.
וואָס מע האָט אויפֿגעשאָטן; קופּע. אַן א, לעבן דער טיר.
אויפֿגעשייטערט — אַדי, פּאַר ,

אויפֿשיַי□ .
טערן'. נעאָל. וואָס איז אַרויף (געפֿינט זיך) אויף אַ שײַטער. "דו, א'ער הימלישער מוזיקער", סוצ, וואַלדיקט.
אויפֿגעשיילט — אַדי, פּאָר אויפֿשיילן ←.
אויפֿעפֿענען דורך (אָפּ, אויס)שיילן. אַן א'ער מאַראַנץ.

□

אויסגעשײַנט — אַדי, פּאָר אויפֿשײַנען ←.
וואָס האָט מיטאַמאָל (פּלוצלינג) גענומען שײַנען; וואָס איז אויפֿגעקומען (אַרויסגעקומען) שײַנענדיק. די א'ע זון. מיט אַן א, פּנים.

□

אויסגעשײַנטערהייט — אדוו. ווען עס □יז
שוין (אַדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אויפֿגעשײַנט.
א, פֿון נחת. אַרײַנקומען א'.

אויפֿגעשמייכלט

□

אויסגעשײַנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשײַנט. אַ
שטראַליקייט, אַן א', אַן אויפֿגעלויכטנקייט.
אויפֿגעשילדערט — אַדי, פּאַר
אויפֿשילדערן ←. „זוא האָט מן...גפֿונדן צורות פֿון
שווארצי מענשן, אויף גשילדרט אויף דיא
פֿלאשטיר אין איר שלאַף קאמיר“, מהמ, קנז/א.
אויפֿגעשלאָגן — אַדי, פּאַר אויפֿשלאָגו ←.

~געשלאָגענער. מיט פֿאַרשיידענע בבֿ פֿון ווערבֿ. ספּעצ: 1. וואָס הייבּט זיך, ווערט גרעסער דורך 'שלאָגן'. א'ער שמאַנט, א'ענע אייוווײַסלעך. „פֿון א'ענע ווײַסלען מאַכט מען אַ שניי־קרעמנע", רייד (פּאָד). „מיטאַמאָל אײַנגעפֿאַלן ווי א, און אויפֿגעבלאָזן אייווײַסל אונטער אַ קילן הויך", פּרץ, זכרונות. 2. צונויפֿגעשלאָגן, צונויפֿגעשטעלט. נעכטיקן אין אַן א, געצעלט. "שאַלאַשן ווערן פֿאַרטיק פֿורן

,

לאָדן זיך אויס לעבן א'ענע געצעלטן", בערג, אָפּגאָנג.

אויפֿגעשלאָגנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשלאָגן. די א, פֿון די ווײַסלעך איז אַזוי ווי פּוכקער שניי.

אויפֿגעשלאָגענערהייט — אַדוו. ווען ע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעשלאָגן. אַרויפֿגיסן די ווײַסלעך אויפֿן געבעקס א'.

אויפֿגעשלאָסן אַדי, פּאַר אויפֿשליסן ←.
~געשלאָסענער. 1. געעפֿנט מיט אַ שללסל.
א'ענער קאַסטן. 2. אויפֿגעעפֿנט בכלל (עפּעס וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן, פֿאַרשטעלט). דאָס א'ענע גליק. „צוויי מאָל זיבן

שפּרודלדיקע קוואַלן איז געווען בּ􏰀ר אים
די פֿרייד די א'ענע וואָס האָט אַרויסגעקוועלט
פֿון רחלס לײַבֿ", הר, אָדמס קינדער.
אויפֿגעשלאָסענערהייט — אַדוו. ווען מע
האָט (עס איז) שוין אויפֿגעשלאָסן. לאָזן די
טיר א'.
אויפֿגעשלוכצט — אַדי, פּאַר אויפֿשלוכצן ←.
וואָס איז אַרויס מיט אַ פּלוצעמדיק און אָפּט
איבערגעריסן וויינען. דאָס א'ע ק􏰀נד. „א, און
מיט אַ פֿלאַטער האָט דאָס לעמפּל זיך
פֿאַרלאָשן", הר, 'אין אַ פֿרילינג־נאַכט'.
אויפֿגעשלייפֿט — אַדי, פּאַר אויפֿשלייפֿן 􏰀..
1 פֿאַרבונדן מיט אַ שלייף. אַן א'ע מתּנד:
􏰀
2. אָפּגעבונדן וואָס איז געווען פֿאַרשלייפֿט.
אין א'ן קעסטעלע איז געווען אַ זייגערל.
אויפֿגעשליפֿן — אדי, פּאַר אויפֿשלײַפֿן ←.
1. אויפֿגעעפֿנט דורך שלײַפֿן. אַן א, אײַזערן
קעסטל. 2. אויפֿגעפּוצט, געמאַכט
גלאַנציקער דורך שלײַפֿן. א'ענער בּריליאַנט.
אויפֿגעשליצט — אדי, פּאַר 'אויפֿשליצן'.
דטשמ. אויפֿגעשניטן, אויפֿגעעפֿנט. „די ש􏰀
אָלע קאַרמינירטע ליפּן א'", בּ. רעס􏰀 􏰀 􏰀,

אַמעריקאַנער, 4 1958 I.

אויפֿגעשמאָלצן — אדי, פֿאַר אויפֿשמעלצן ←.

~געשמאַלצענער. 1. געמאַכט איינ דורך צונויפֿשמעלצן. אַן א, שטיק מעטאַל. 2. צעלאָזט דורך שמעלצן. אַן א, ליכטל.

אויפֿגעשמייכלט — אדי, פֿאָר אוי ש .יי :־ לען ←. אויפֿגעשײַנט מיט אַ שמייכל; וואָס אויף דעם האָט פֿלוצלינג זיך באוו זן אַ שמייכל. אַן א, פּנימל מיט טרערן אין די אויגן.

אוי געשמירט

אויסגעשמירט — אַדי, פֿאַר אויפֿשמירן ←.

באדעקט פֿון אויבן מיט עפּעס ו אָס האָט אין

-

זיך פֿעטס. אַ שטיקל ברויט א, מיט סמעטענע.

-

אויפֿגעשמירטערהייט — אדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעשמירט. „גיב מיר די פּאָווידלע, א, אויף ברויט“ רייד.

אויסגעשנורעוועט — אדי, פּאַר אויפֿשנורעווען ←. 1. אויפֿגעבונדן, פֿונאַנדערגעבונדן; פֿרײַ געוואָרן. „...ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן א'ן לעבן וואָס האָט געשטראָמט אין איר“, אָפּאַ, 'אַ פֿאַרשנורעוועט לעבן'. 2. צונויפֿגעבדנדן מיט אַ שנור. אַוועקטראָגן דעס א'ן פּאַק. אויך ~געשנורעט. „ער האָט אַרומגעטאָפּטשעט אין זײַנע א'ע [ב1] שיך„, ייִט, פּוילן I .

אויסגעשניטן — אדי, פּאַר אויפֿשנײַדן ←.
~געשניטענער. 1. אויפֿגעעפֿנט דורך שנײַדן.
„מן העט...גיפֿונדן איין ממזר אַן איינם
בּאלקין הענקין...אונ, הלבֿ אויף גשניטין
גיווען‟, כּ״י וועגן מעצער עלילת־דם, 1669
[פֿש]. „געהאָנגען איז מיר אויפֿן בּרוסט
אַן א, האַרץ‟, יהואָש, 'אין טאָל פֿון טויטע
בּיינער'. „האָט געשלונגען מיט אָפֿענע אויגן
די נײַע, נאָך נישט א'ענע ספֿרימלעך‟, אַש,
תּהילים־ייִד. 2. דורכגעשניטן אין מיטן.
„ואסרו לעשות ערבּול [= אַרבּל] אויף
גישניטן או בּיליגט...זהבֿ או כּסף‟ [אין די
תּקנות קעגן לוקסוס], פּנקס מדינת ליטא,
נרת ועד שע״ז [1617].
אויסגעשניטענערהייט — אַדוו. ווען עס
איז (מע האָט) שוין אויפֿגעשניטן. טראָגן די
שיך א, אויף די געשוואָלענע פֿיס.
אויפֿגעשנירט — אַדי, פּאַר אויפֿשנירן ←.
אַרויפֿגעצויגן אויף אַ שנור, שנירל. א'ע פּערל.
אויפֿגעשעפּט — אדי, פּאַר אויפֿשעפּן ←.
אַרויפֿגעהויבּן דורך שעפּן. די א'ע עמערס

וואַסער.

אויפֿגעשפּאָלטן — אַדי, פּאַר אויפֿשפּאַלטז (זיך) ←. ~געשפּאָלטענער. אויפֿגעעפֿנט (אַליין זיך געעפֿנט) דורך מאַכן (ווערן) אַ שפּאַלט (מיט אַ שניט, ריס, קלאַפּ). "אָפּגעשאָקלט...קאַשטאַנעס אין א'ענע שטעכיק־גרינע שאָלעכצן", חג, מאַמעס שבתים.

אויפֿגעשפּאָלטענערהייט — אַדוו. ווען עס איז (מע האָט) שוין אויפֿגעשפּאָלטן. דערלאַנגען די טערקישע ניס א'.

אויפֿגעשפּאַנט — אַדי, פּאַר אויפֿשפּאַנען←. באַפֿרײַט פֿון זײַן צוגעשפּאַנט; געעפֿנט. די א'ע פֿערד פּאַשען זיך. „אַלע גלײַך מיט א'ע מײַלער...און אַלע אײַליק...: 'דו וועלט,..."، פּמ, ראָדיאָ.

אויפֿגעשפּונען — אַדי, פּאַר אויפֿשפּינען ←.
1. אויסגעאַרבעט ביז צו דער נייטיקער מדרגה אין פֿאָרעם פֿון פֿעדעם. א'ענער היימישער מאַטעריאַל. 2. געשאַפֿן אין א פֿאָרעם וואָס דערמאַנט אין שפּינען. א'ע פּראָיעקטן.

אויפֿגעשפּיזט — אַדי, פּאָר אויפֿשפּיזן ←. "אין אָט דער וועלט פֿון א'ן האַס...", י. יאַנאַסאָוויטש, א שטוב אין שטעטל.

אויפֿגעשפּילט — אַדי, פּאָר אויפֿשפּילן ←.

1. וואַס מע האָט געשפּילט פֿאַר אַן עולם. די א'ע קאַמעדיע; דער א'ער ניגון. 2. וואָס

מע האָט עס געמאַכט ווי אַ שפּיל, פֿאַר אַ שפּיל (און איז ניט אין־דער־אמתן אַזוי). „די א'ע קאָמעדיע האָט אונדז געשטעלט אין אַ פֿאַרלעגנהייט“, רייד. „...גענומען רעדן מיס אַן א'ער כלומרשטער שטוינונג“, חג, ישיבֿה.

אויפֿגעשסילטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעשפּילט. א, הערט מען ערשט די שיינקייט פֿון דער מעלאָדיע.

אויסגעשפּילטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿגעשפּילט. אַ געמאַכטקייט, אַן א, וואָס קען ניט באַווירקן.

אויסגעשסיצט — אַדי, פֿאַר אויפֿשפּיצן ←. ודאַס איז (געמאַכט) מיט אַ שפּיץ אַרויף, אַרויס; וואָס איז (געמאַכט) שפּיציק. „...איז געלעגן מיט אַ שיטער א, בערדעלע צום בעליק אַרויף“, ווײַס, ,חיים אַהרן'. “א'ע מיידלבריסטן, רונד־געטאָקטע עלנבויגן...“, הר, אונטער גאָטס הרמלען.

▯

אויסגעשסיצטערהייט — אדוו. ווען מע
האָט (איז שוין) אויפֿגעשפּיצט. גיבֿ מיר די
בלײַערס א'.

▯

אויסגעשסראָצט — אדי, פּאַר
אויפֿשפּראָצן ←. וואָס איז אַרויסגעקומען אין
דער ערשטער סטאַדיע פֿון פֿונאַנדערוואוקס.
א'ע קנאָספּן, גרעזעלעך. „מלאָכימלעך מיט נאָר
וואָס א'ע פֿליגעלעך...“, הר, אָדמס קינדער.
(שפּאַסיק) „אַ הויך א'ער..., וואָס האָט
אויסגעזען ווי אַ מיטליעריק ציגעלע“, נאַד.

▯

אויסגעשפּרונגען — אַדי, פּאַר
אויפֿשפּרינגען ←. [. וואָס האָט גיך (מיטאַמאָל) זיך
אויפֿגעשטעלט, אַ שפּרונג געטאָן פֿון אָרט.
“די אין שרעק א'ע ייִדישקע האָט מיט איר
געשטאַלט זײַנע אָדערן פֿאַרסמט“, אַש,
תּהילים־ייִד. 2. וואָס איז אויפֿגעקומען
אומגעריכט, גיך. די א'ע שווערקייטן.
אויפֿגעשפּרונגענערהייט — אַדוו. ווען

מען איז שוין אויפֿגעשפּרונגען. א, נעמען
ש￼ײַען און פּראָטעסטירן.
אויסגעשפּרייט — אַדי, פּאַר
אויפֿשפּרייטן ←. אַרויפֿגעלייגט און אויסגעצויגן
אין דער גאַנצער לענג (בּרייט). אַן א'ער
טישטעך. „אויף אַ לאַנגן טיש, אויף וועלכן עס איז
א אַ געל פּאַפּיר, ליגן לעקעכלעך“, נאַד.

-

,
אויסגעשראָקן — אַדי, פּאָר אויפֿשרעקן ←.
~געשראָקענער. דערשראָקן און אַוועק פֿון
אָרט (אַוועקגעלאָפֿן, אַוועקגעפֿלויגן). „ווי אַן
א, עוף, שפּרינגט זי פֿון הינטערן טיש אַפֿער„,
אַש, תּהילים־ייִד. „זיי האָבן אויפֿגערעגטע און
א'ענע געקוקט...“, ייִט, פּוילן III.

￼
אויסגעשראָקענערהייט — אַדוו. ווען
מען איז (מע האָט) אויפֿגעשראָקן; אין מצבֿ
פֿדן זײַן אויפֿגעשראָקן. אַ פּאַטש טאָן מיט
די פֿליגלען א'.

אויסגעשרויםט — אדי, פּאַר אויפֿשרויפֿן ←.
אויך: וואַס איז אין אַ געהויבּענעם געמיט
אָדער צערודערט. „מע פֿילט זיך א',
צערודערט און דערפֿרייט“, הר, לייט.

אויסגעשרויסטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אויפֿגעשרויפֿט. אַ
צערודערטקייט, אַן א,.

אויסגעשריבּן — אדי, פּאָר אויפֿשרײַבּן ←.
~געשריבּענער. 1. וואָס מע האָט פֿאַרענדיקט

-

אויפּגראָבּעניש

-

שרײַבּן אויף עפּעס. ‟גיבּ מיר אויף גישריבּן וואַש...ווישיגליך איז“, שו„ת הרמ“א, 1640 [הש]. „עס איז שווער געווען אַלע צײַט דאָס צו געדענקען פֿון זיך זעלבּערט, ווייל עס איז ניט געווען א, אויף א ספֿר“, חה, 38. „בּיכעו. — געלעזענע, בּריוו — א'ענע, אַלט איז דאָס טאָגבּיכל, בּלעטלעך צעריבּענע“, הל, 'בּיכער געלעזענע'. 2. וואָס מע האָט זײַן נאָמען אָנגעשריבּן אויף אַ טאָוול, אַ מעלדונג אע. „איך בּין ניט געווען צווישן די א'ענע“, ק. צעטניק, זירגער איבּערן קאָפּ.

אויסגעשריבּנערהייט — אַדוו. ווען מע האָט (עס איז) שוין אויפֿגעשריבּן. גיגב עס איבּער א..

אויסגעשריגן — אַדי, פּאַר אויפֿשרײַען ←. ~געשריגענער. וואָס רײַסט זיך פּלוצלינג אַרויס מיט אַ געשריי. א'ענע ווייטיקן. „איך גיבּ ניט נאָך הײַנט מײַן א'ענער תּאווה כּדי

דערנאָך, ווי אייביק, זיך קעפּן", הל, 'לידער צו
אַ ווײַטן פֿרײַנד'.

אויסגעשריי — דער, ־ען. אַקט פֿון
אויפֿשרײַען; געשריי וואָס האָט זיך פּלוצלינג
אַרויסגעכאַפּט. אַן א, פֿון שרעק, ווייטיק
אאזוו. „...דערוואָרגן דעם א, פֿון תּאווה צווישן
די ציין", אצג. „אין דעם א, פֿון מאַסן
אונדזער שטובגעזאַנג פֿאַרגייט", הל.

אויפֿגעשר ען — ← אויפֿגעשריגן (לד).

אויפֿגראָבונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגראָבן. 2. אָרט וואָס
(וואו) מע גראָבט אויף. קומען צו דער א'.

אויפֿגראַבלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגראַבלען (זיך).

אויפֿגראַבלען

ליען. 1.

צונויפֿגראַב— טרוו. ־בל אויף, ~
געגראַבלט. אויך: ~גראַב
לען; צונויפֿשאַרן; צונויפֿקראַצן. א, היי. א,
אַלץ וואָס איז פֿאַראַן אין דער
באַלעבאַטישקייט, ביז אַ שפּענדל. א, שטיקלעך טייג פֿון

מולטער. 2. אַרויפֿגראַבלען. א, עפּעס פֿון
אונטער דער ערד. מיט ז י ך = מיט מי
זיך אַרויפֿהייבן, זיך דערהייבן. א, זיך פֿון
א נידעריקן שטאַנד צו עפּעס רעכטס.

אויסגראָבן — טרוו. גראָב אויף, ~געגראָבן.
1. (אויפֿ)עפֿענען (מאַכן עפּעס) דורך גראָבן.
א אַ גרוב; א אַ ברונעם. 2. גראָבן פֿון

,

אויבן; אויפֿאַקערן. א, דעם גאָרטן. 3.
אויפֿעפֿענען וואָס מע האָט געגראָבן און פֿאַרשאָטן.
ווידער א, דעם קבֿר. „זולין...ך, רקים נעמין
און, אם זאָלכין אורט וואור דיא דינשטמאט
[= דינסטמאַד] גיזאגיט אויף גראבין“, גה,
242. „ווער דא סמוך לכּפֿר נהרג גיווארדין,
וואָלט ען גערין לאזין אויף גראבין“, שו״ת
פּני יהושע, אמשט 1716 [הש 4 . I. דו ר
גראָבן געפֿינען. א, דעם אוצר. א, פֿאַרשאָטענע
דענקמאָלן. 5. דערגרונטעווען זיך,
אויסגעפֿינען נאָך (גרויסע) באמיאונגען. א, אַ סוד.
א, א פּגר = אויסגעפֿינען אַן אַלטן חטא, אַ
פֿארברעכן, בכלל עפּעס וואָס קאָמפּראָמעטירט.
אויפֿגראָבן זיך — אוטוו ← דפֿוו. ווערן

א גרובּ פֿון זיך, אַן אַ כּיוון פֿונעם רעגן און
—
.
ווינט גראַבּן זיך אויף גאַנצע גריבּער.
אויפֿגראָבּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראַצעס פֿון אויפֿגראַבּן (זיך).

-

אויפֿגראַגערונג

□

אויסגראַגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגראַגערן.
אויפֿגראַגערן — ־ער אויף, ~געגראַגערט.
אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבּן גראַגערן אָדער
בּכלל מאַכן אַ טומל. א אַז מע זאָל
פֿאַרגלו,
שעט ווערן. 2. אָנהייבּן רעדן אַ סך און
טומלדיק. טרוו □ 1. אויפֿוועקן, אויפֿרודערן

דורך גראַגערן אָדער בּכלל מאַכן אַ טומל.
א, פֿון שלאָף. 2. צונויפֿגראַגערן, צונויפֿרעדן
מיט אַ געטומל. „וואָס זיי האָבּן דאָ שוין
אויפֿגעגראַגערט!“.

▯

אויסגראַווירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגראַווירן.

▯

אויפֿגראַווירן — טרוו. ־וויר אויף, ~(גע)־
גראַווירט. אויפֿקריצן, אַרויפֿקריצן. קריצן. א,
אַן אויפֿשריפֿט. א אַ בּילד אויף אַ שטיין.

,

— —

אויסגראַטען — טרוו. ־טע אויף, ~
געגראַטעט. צונויפֿדראָטעווען; צונויפֿבּינדן
זייער פֿעסט (מיט ▯דראָט). א, אַ טשוהון און בּעטן
גאָט אים איבּערצולעבּן.

▯

אויסגראַטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געגראַטשעט. אויפֿקראַצן, אויפֿדראַפּען. א, מיט
די נעגל אַ לאָך אין דער וואַנט.

▯

אויסגראַמען — טרוו גראַם אויף, ~ געגראַמט. 1. צונויפֿגראַמען; פֿאַרענדיקן מאַכן גראַמען. א, בּדחנישע שטיקלעך. א, (אַ) גראַם (מיט אַ) שטראַם. א, די צווייטע, פֿערטע און זעקסטע שורה פֿון דער סטראָפֿע. 2. צונויפֿפֿאָרן (געוויינטלעך, פּעיאָ). א, לאָקש מיט קובּעבּע.

אויסגראַמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

בּאַקומען די פֿאָרעם פֿון גראַמען. „די גראַמען גראַמען זיך יאָ אויף, אָבער די ,פּאָעזיע, פֿונעם ליד גראַמט זיך ניט“, רייד.

אויפֿגראַנדע(ווע)ן — ־דע(ווע) אויף, ~ געגראַנדע(ווע)ט. אוטוו — אויפֿקומען, זיך בּאַווײַזן מיט גרויסן אָנשטעל (און טומל). א, ווי גראַף פּאָטאָצקי. אקוזוו — עפּעס אויפֿטאָן מיט דעם. א, אַ גאַנצע גראַנדע; א, אַ וועלט.

אויסגראַפּען — דזוו אויפֿדראַפּען ←.

אויסגרויזן — אוטוו. גרויז אויף, ~געגרויזט.
אוקר. ווּב ראָכקינד־]קליאַר. < אויסדרוק:
ווערן גרוי און גרויז. אָנהייבּן ווערן גרוי. א',
פֿאַרלירן די פֿרישקייט פֿון די יונגע יאָרן.

אויפֿגר י.ל — דער, ־ן. נעאַל. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגרוילן. ,,ווען ער האָט
אין א, פֿון מעסערס און לאָמען געזוכט מיך
צו שיצן פֿון iינשן מאָרד‘‘, הל, 'די בּיימער
בּלִיען בּלוי,.

אויפֿגרוילן — גרויל אויף, ~געגרוילט. אוטוו
— אויפֿציטערן פֿון גרויל, מיטאַמאָל
דורכגענומען ווערן פֿון א מה. א, פֿון די שרעקלעכע
נײַסן. טרוו — אַרײַנבּרענגען אין צושטאַנד
פֿון גרויל. א, עמעצן מיט שרעקלעכע פּרטים
פֿון מאָרדן און פּײַניקונגען.

אויז גרויס — אַדוו פֿראַזע. אויף אַ גרויסן
פֿאַרנעם. זיך סאַרמעסטן א, ג'. ,,זי האָט בּרייט
-

אַוועקגעקינדלט פֿאַרנומען זיך א, ג'‘‘, מק,
,

אויסגרויען — גרוי אויף, ~געגרויט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן ווערן גרוי. א, פֿון צרות. אומפּ — ווערן גרוי (וועגן באַגינען). א, אויף טאָג.

אויסגרונטיקן — טרוו. ־יק אוף, ~ געגרונטיקט פֿעסטיקן, גרונטיקן פֿון אויבן. ״ער טוט א, די הימלען איבער דער ערד״.

אויסגרונטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געגרונטעוועט. (פֿאַרבערײַ) ענדיקן פֿאַרשמירן (מיט קיט) לעכער און שפּאַלטן. א, דעם דיל, די טיר.

אויסגרופּירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגרופּירן (זיך).
אויסגרופּירן — טרוו. ־פּיר אויף, ~(גע)־ גרופּירט. צונויפֿגרופּירן, צונויפֿשטעלן אין

גרופּעס. א, די קינדער לויט זייער עלטער.
אויסגרופּירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַליין
(אָן באַפֿעל, אַרײַנמיש) זיך צונויפֿנעמען אין
גרופּעס. „די נײַ־אָנגעקומענע פֿרויען האָבן זיך
אויפֿגרופּירט באַזונדער“.
אויפֿגריבלען — טרוו. ־בל אויף, ~
געגריבלט. 1. אויפֿקראַצן אַ גריבל (גריבלעך). א,
אַ קאַנאַל אין זאַמד בײַם ברעג ים. א, זאַמד.
2. אויפֿדעקן (דורך חוקר ודורש זײַן). ער
האָט זיך אין זיי ניט געלאָזט גריבלען אָדער
זיי א, בײַ יעדער געלעגנהייט“, יג, איק, 1958
X . מיט ז י ך — אויפֿדעקן עפּעס אין זיך.
אויסגריזשען טרוו. ־זשע אויף, ~
געגריזשעט. אויך: ~גריז(י)ען. פֿאַרענדיקן
גריזשען, בײַסן אַ האַרטע זאַך. א אַ פֿאַרדאַרט
,
שטיקל ברויט. „האָב איך אַרויסגעכאַפּט דעם
ביין און האָב אים געוואָלט א'“, אמד, דער
גלגול, ווילנע 1867. 2. אויפֿערגערן, אויפֿיאַדען.
א, דעם מאַן לעבעדיקערהייט.

אויסגריזשען זיך — ← דפֿוו. רעפֿל —
איבערלעבן שטאַרקע חרטה, זיך פֿאָרוואַרפֿן

וואָס מע האָט (ניט) געטאָן און זיך ערגערן.
קזוו — ערגערן, יאַדען איינס דאָס אַנדערע.
אויפֿגרײַזלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגרײַזלען (זיך).
אויפֿגרייזלען — ־זל אויף, ~געגרײַזלט.
-
אוטוו — אויך מיט ז י ך. ווערן גרײַזלדיק.
די האָר גרײַזלט (זיך) אויף נאָכן צוואָגן.
טרוו — ענדיקן גרײַזלען מאַכן גרײַזעלעך.
 ־ די האָר. פּפֿ: ~קרייזלען.
אויסגרייטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגרייטן (זיך).

אויסגרייטן — טרוו. גרייט אויף, ~געגרייט.
אויך מיט ז י ך. צוגרייטן; מאַכן גרייט.
מיטאַמאָל אָנהייבן אָדער ענדיקן גרייטן. א,
כאַרטש (שפּײַז) אויפֿן ווינטער. א, זיך
אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון.
אויפֿגרייכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגרייכן. דערגרייכונג.

אויסגרייכן — אוטוו גרייך אויף, ~געגרייכט.

גרייכן ערגעץ אין דער הייך. „דער יונג גרייכט מיר שוין אויף ביז די פּ .יצעס„.. „און דער שפּיץ פֿונעם לייטער האָט אויפֿגעגרייכט ביזן הימל“.

אויסגרייסן — טרוו. גרייס אויף, ~געגרייסט.
פֿטמ. דערהייבן, מאַכן פֿאַר אַ וויכטיקן פּאַרשוין. א, עמעצן און אים מאַכן פֿאַרן גאַנצן פֿירער. מיט ז י ך = איבערנעמען זיך, ווערן אַ בעל־גאווה.

אוי] גרעסט

אויפֿגרילץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגרילצן.
אויסגרילצן — גרילץ אויף, ~געגרילצט.
אוטוו — מיטאַמאָל (פּלוצלינג) אָנהייבן אַרויסגעבן ריסיקע קלאַנגען אָדער אַזעלכע וואָס זײַנען (אָדער דערמאָנען) קלאַנגען פֿון אַ גריל. עס האָבן אויפֿגעגרילצט די גרילן. אַ שיסערײַ

וואָס גרילצט אויף. דריטפּערזאָניק — ווירקן
אויפֿן הערער ווי אַ גרילץ. דאָס שיכּורע זינגען
גרילצט אויף אין די אויערן.

אויסגרימירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿגרימירן (זיך).

אויסגרימירן — טרוו. ־מיר אויף, ~(גע)
גרימירט. אויך מיט ז י ך. אַרויפֿטאָן גרים;
גרימירן פֿון אויבן אָדער פֿונדאָסניַ. א, די קי־
דער פֿאַרן פּורים־מאַסקאַראַד.

אויסגרימען — גרים אויף, ~געגרימט. אוטוו
— מיטאַמאָל ווערן זייער אויפֿגעצאָרנט,
דערצאָרנט; אַרײַנפֿאַלן אין אַ גרימצאָרן. א, און
זיך צעשרײַען. אויך מיט ז י ך. אומפּ —
פֿלוצלינג אָנהייבן פֿילן ווייטיקן, האָבן קראַמפֿן
(אין אונטערלײַב). עס גרימט מיר אויף אין
בויך (אין די געדערים).

אויסגרימעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגרימען.

-

אויסגרינגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגרינגערן (זיך).

אויסגרינגערן — טרון. ־ער אויף, ~ געגרינגערט. מאַכן (אַ ביסל) גרינגער. א, דאָס געמיט.

אויסגרינונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגרינען (זיך).

אויסגרינען — גרין אויף, ~געגרינט. אוטוו — מיטאַמאָל אָדער אינגאַנצן ווערן גרין; אויפֿבליִען; אַרויסקומען מיט נײַע שפּראָצונגען. „עס האָבן אויפֿגעגרינט די פֿעלדער און די וועלדער“. טרוו — מיטאַמאָל אָנהייבן מאַכן גרין; אויפּפּוצן, אויפֿפֿאַרישן מיט גרינס אָדער מיט גרינער פֿאַרב. א, דאָס הויז לכּבֿוד שבֿועות. „איך וויל א, אין דײַנע גרינען און אייביק זײַן ווי דו“, יצחק מאָרגנשטערן, איק, 21 X 19.0

▯

אויסגרינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
מיטאַמאָל גרין, אויפֿגעבליט. דער סאָד וועט
באַלד זיך א'.
-

אויסגרעבן — טרוו. גרעב אויף, ~געגרעבט.
פֿטמ. מאַכן גרעבער. א אַ שטריק, ס'זאָל
,

-

בעסער האַלטן. מיט ז י ך — ווערן גרעבער.
א, זיך און ווערן (ווי) אַ צוקערפֿאַס.
אויפֿגרעבען — ־בע אויף, ~געגרעבעט.
אוקר. סל. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן
רודערן (מיט רודעדס). א, מיט די גרעבקעס
(רודערס), אַז דאָס שיפֿל זאָל אַוועקפֿליִען
איבערן וואַסער. טרוו — אויפֿגראַבל(י)ען;
אויפֿשופֿלען. א, די הויפֿנס געלע בלעטער. א, מיט
אַ שופֿל דאָס אָנגערונענע וואַסער.
אויפֿגרעגערן — ־ער אויף, ~געגרעגערט.

דזון אויפֿגראַגערן ←.

אויף גרעסט — אַדוו פֿראַזע. אוקר (פּאָד), פּר. ווען הויך, צום העכסטן, אין דער גרעסטער מאָס, וואָס מער קען שוין ניט זײַן. „א, ג, קען ער ווערן בּרוגז אויף אַ פּאָר טעג„. „א,

אויפגרעסערן

ג, קען ער קריגן אַ פּאָר טעג זיצן“. „א, ג, וועט מען אים אָפּזאָגן פֿון דער אַרבּעט“.

אויסגרעסערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געגרעסערט. פֿטמ. מאַכן גרעסער. א, אַ וואַרשטאַט; א, דאָס געשעפֿטל. מיט ז י ך = ווערן גרעסר. די משפּחה גרעסערט זיך אויף.

אויסגרעפּץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿגרעפּצן.

אויסגרעפּצן — גרעפּץ אויף, ~געגרעפּצט. אויך: ~גרעפּצען. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסגעבּן אַ גרעפּץ. א, נאָך אַ זאַטן

מאָלציַיט. טרוו — במקום־וואָרט פֿאַר אַרויסזאָגן, אויפֿזינגען אע (פּעיאָ). א אַ טענה. א אַ מקח

' '

אַז ס'איז צום לאַכן. אויך: ~גרעפּס(ע)ן.

אויסדאָבוּוען — טרוו. ־ווע אויף, ~ דאָבוּוועט. וורר. אין אוקר: ~דאַביוועֵן. סל. פּלוצלינג אָדער לסוף קריגן, באַקומען. א, אַ ז ך. פֿון אונטער דער ערד.

א

אויסדאַוונען — טרוו. דאַוון אויף, ~ געדאַוונט. אויסדריקן עפּעס (אַזוי ווי) דורך דאַוונען. „אומעטום וואו סיגאַל רופֿט צונויף אַ מנין ווערטער, ווערט גלײַך עפּעס אויפֿגעדאַוונט און אויפֿגעלערנט“, יג, תּוך.

אויסדאַכטן — טרוו. דאַכט אויף, ~געדאַכט.
1. אויסטראַכטן. פֿטמ. איך האָב עס ניט אויפֿגעדאַכט. 2. מיטאַמאָל אָנהייבן צו באַטראַכטן. נעאָל. „אויפֿגעדאַכט אַ האַלבן מעתלעת“, קוו, געראַנגל.

אויסדאַכטן זיך — אוטוו, אומפּ. ← דפֿוו.
אָנהייבן זיך דאַכטן; מיטאַמאָל באַקומען אַ
פֿאַרשטעלונג פֿאָרגעפֿיל. עס האָט זיך
אויפֿגעג ,
געדאַכט אַז אַלץ וועט זיך פֿאַרבעסערן.
אויפֿדאָלבען — טרוו. ־בע אויף, ~
געדאָלבעט. סל. אויפֿהאַקן, אויפֿבויערן. א, די
וואַנט מיט אַ ברעכאײַזן.
אויפֿדאלבען זיך — אוטוו. ← דפֿוו פֿון
.
זיך, ניט בכּיוון, ווערן מיט אַ לאָך, עפֿענונג.
פֿונעם וואַסער האָט זיך אויפֿגעדאָלבעט אַ
לאָך.
אויפֿדאַמפֿן — טרוו. דאַמף אויף, ~געדאַמפֿט.
פּפֿ: ~דאַמפּן. אויפֿפּאַרען; מיט דער
הילף פֿון העכערער טעמפּעראַטור מאַכן עס
זאָל אָנהייבן גיין אַ דאַמף, אַ פּאַרע. א אַ
,
פֿליסיקייט.
אויף; דאָס בעסט — אַדוו פֿראַזע. אויף דעם
בעסטן אופֿן. „איין מולצייט וואָלט איך אײַך
מאַכן אויף דז בעשט„, ספֿר משלים, פּפֿדמ
.18

אויסדאָסן — טרוו. דאָס אויף, ~געדאָסט.
1. (גראָבּ) ענדיקן אַרויסגעבּן די צואה. א, אַ
גרויסע קופּע. 2. (וואול) אויפֿטאָן,
אויפֿאַרבּעטן עפּעס אויף אַ שלעכטן אופֿן; קאַליע
מאַכן אַנשטאָט (אויפֿ)טאָן. א, עפּעס מע זאָל
עס מוזן אַרויסוואַרפֿן.

אויסדאָסניי — אדוו. ווידער פֿון אָנהייבּ;
—
,
נאָכאַמאָל אויף דעם זעלבּיקן אופֿן; מיט נײַער
פֿרישקייט (נײַע כוחות, פלענער אע). „בּיז דו
וועסט בּויען א', בּלײַבּ דעם אַלטן געטרײַ,"
שוו. „מע קריגט זיך און מע בּעט זיך איבּער
ווידער א, צו קריגן זיך", ממוס, ווינטשפֿ.
„דעם גיפֿט פֿון יאוש זויג איך אויס פֿון
דײַנע וואונדן, בּיז דו ווערסט א, מיט

שאַפֿט אָנגעצונדן“, חג, שײַן פֿון
פֿאַרלאָשענע שטערן. „נון מאג מיך ניט לענגיר היר
אויף האלטין אונ, מייני וואונדין אויף דאז
נייאי ווידר אויף רייסין“, גה, 228.]
אויסגעלייגט אויך: אויף דאָס נ].

אויסדאָפּטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע אויף,
~געדאָפּטשעט. וורר, אוקר. פּפֿ: ~
טאָפּטשען. טרעטן (כמעט אויף איין אָרט),
צונויפֿטרעטן. א, (אין) אַ בלאָטע. מיט ז י ך —
קזוו. א, זיך מיט די פֿיס.

אויסדאָקטערן — טרוו. ־טער אויף, ~
געדאָקטערט פֿאַרריכטן אַ דאָקומענט לויט
באַ.
דערפֿעניש דורך צושרײַבן, אויסמעקן; פֿעלשן.
א, די מעטריקע, דעם אַטעסטאַט. א, אַ
פֿאָטאָגראַפֿיע. א אַ פּיעסע. מיט ז י ך — זיך (צום
,

טייל, אַ ביסל) אויסהיילן. זיך א, אין די בעדער.

אויסדאָרשטן — אוטוו. דאָרשט אויף, ~ געדאָרשט. 1. מיטאַמאָל ווערן דאָרשטיק. עס דאָרשט אים אויף פֿון דער היץ. 2. שטאַרק באַגערן. א, נאָך אַ גוט וואָרט פּפֿ: ~ דאַרשטן.

אויפֿדברן — [...דאַבערן] טרוו. דבר אויף, ~געדברט פֿירברענגען דורך אָנרעדן, אָנ.
דערציילן (פֿאַרשטעלט אָדער פּעיאָ). א, אַזוינס, אַז ס'זאָל ווערן קאַלט און הייס.
אויפֿדברן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
צונויפֿרעדן זיך, אָפּמאַכן ביי זיך. א, זיך אָפּצוטאָן עמעצן אַ שפּיצל (אין פֿאָרשטעלטע ריי).
אויפֿדודען — טרוו. ־דע אויף, ~געדודעט.
אויפֿשפּילן אויף אַ דודע. א אַ פּאַסטעך־ניגון.

'

אויפֿדוכטן (זיך) — לד. דזוו אויפֿדאַכטן זיך.
אויפֿרוכניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון

אויפֿדוכנען. צו הויכער פּרײַז. „— ר, ייִד, איר
זײַט אַ כּהן? — וואָסי? — איר גיט ניט אָן
קיין פּרײַז, נאָר אַן א'“.

אויסדוכנען — [...דוכענען] דוכן אויף, ~
גערוכנט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן דוכנען.
„גלײַך ווי דער חזן האָט געענדיקט, האָבן די
כּהנים אויפֿגעדוכנט“, רייד. טרוו — בעטן,
אויפֿזינגען אַ צו הויכן פּרײַז. א אַ מקח ווי
,

אין אַן אַפּטייק.
אויפֿדולן — טרוו. דול אויף, ~געדולט. דזוו
אויסדולן ←. א, אַ קאָפּ.
אויפֿדולעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿדולן.
אויפֿדונסטן — אוטוו. דונסט אויף, ~
געדונסט. אויפֿשטײַגן, אויפֿגיין (וועגן אָדער ווי
אַ דונסט, פּאַרע). אַ נעבל דונסט אויף. (זאַמעט).
אויפֿדונערן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־ער
אויף, ~געדונערט. מיטאַמאָל אַרויסקומען
(וועגן אַ דונער אָדער ווי אַ דונער). אַ דונער

וועט א, און די רשעים וועלן פֿאַלן‟. עס האָט
אויפֿגעדונערט אַ געטומל, אַ פּראָטעסט אע.
אויפֿדופֿטן — אוטוו. דופֿט אויף, ~געדופֿט.
מיטאַמאָל אַרויסגעבֿן גוטע ריחות. „...דער
קעניג וואַכט, און אויפֿגעדופֿט האָט שוין מײַן
נאַרד‟, פּרץ, איבֿן, שיר השירים.
אויפֿז דורך — דזוו דורך און דורך. „שטאַמט
מען אויס אין די בּרעטער פֿירקאַנטיקע
לעכער...א, ד',,, בּער.

-
אויפֿדינען זיך

-

אויסדורען — טרוו. ־רע אויף, ~געדורעט.
אויפֿדולן ←.

□

אויסדזוואָניען — ־ניע אויף, ~געדזוואָניעט.
אוקר. סל. אוטוו — אויפֿקלינגען, או□ פֿפּויקן.
א, אין אַלע גלעקער. טרוו — אָנהייבן
פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען. א, אַ רכילות.

□

אויסדזיובען — טרוו. ־בע אויף, ~
געדזיובעט. וור. סל. אויך: ~דזשובען, ~
דזשאָבען. אויפֿפּיקן. א, די קערנדלעך.
אויף[די ווען — פֿראַזע. לד. פֿטמ. האָבן
אויף די וועש = האָבן מענסטרואַציעס,
מאָנאַטלעכע. < ווסת ['כל אשה שיש לה וסת,,
נדה, ב/א] און צונויפֿגעמישט מיט ,וועס, =□
וועש, בײַם פּלאָגטער ס:ש. [?]

□

אויסדײַט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿדײַטן.

□

אויסדײַטן — אוטוו & טרוו. דײַט אויף,
~געדײַט. אויפֿווײַזן; א, אויף חסרונות, מעלות
אע. א, די שוועריקייטן פֿון עפּעס.

אויסדיכטן — טרוו. דיכט אויף, ~
געדיכט(עט). (שפּאַסיק, פּעיאָ) שאַפֿן אַ
פּאָעטיש ווערק. ,,און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט
און אויפֿגעדיכטעט אַ פֿײַן לידעלע ווי גאָלד,
נאָר אַ קורצס,,, נאַד.

אויסדיכען — אוטוו. ־כע אויף, ~געדיכעט.
סל. אַרויפֿאָטעמען, אַרויפֿהויכן. א, אויף אַ
פֿאַרפֿראָרענער שויב.
אויפֿדיליבען — דזוו אויפֿדליבען ←.

אויסדינגען — טרוו. דינג אויף, ~געדונגען
(זן ~געדינגט). אויך מיט ז י ך. 1.
באַדינגען, אָפּמאַכן וויפֿל צו באַצאָלן צו זײַן
(לעבן, דינען) בײַ עמעצן. א, זיך (אַ זון,
טאָכטער) צו זײַן אַ משרת (דינסט). א, זיו
פֿאַר אַ לערן־ייִנגל. א, עמעצן (זיך) אויף שבת.
,,איזט ער תּכף נאָך דען שליח גאנגין...און,

אונש יחדיו אויף גידונגין אַן פֿרייאטאג און,
מיר זענין שבת צו הנוביר גיבליבן“, גה, 101.
2. דזוו ב1 צו פֿאָרן (אין אַ בויד, מיט
פֿערדאון־וואָגן). א, עמעצן מיטן בעל־עגלה צו
ברענגען קיין... „איז איין עגלה גיוועזין, ד ב
מיך אויף גידינגט...האב איך גוטי חבֿרותא
גיהאט“, גת, 394. „מיט דעם וואָגן איז
געקומען אַ פֿרעמדער וואָס האָט זיך אין וועג
אויפֿגעדונגען פֿאַר זייער וואָלוול“, ספּ,
גליקלעכע און אומגליקלעכע. „האַט מיך מײַן מומע
מיט אַ פּויערישער פֿור אויפֿגעדונגען“, אַש.
„...האָט זיך איין יהודי זעלין ביי אונש אין
רידוואן זיך אויף דינגן. האָב איך ניט גיוועלט
ליידן...“, שו“ת צמח צדק, אמשט 1775 [הש I].
אויפֿדינגען זיך — ← דפֿוו. אויך: אָפּמאַכן,
צונויפֿרעדן זיך נאָך אַ דינגעניש. א, זיך
אַרײַנצונעמען דעם יִנגל אין חדר. א, זיך ווען
און ווי אויסצוצאָלן דעם חוב.

אויסדינען — טרוו. דין אויף, ~געדינ.ט.
1. גוט באַדינען. א, דעם באַלעבאָס ווי אַן עבֿד
כנעני. 2. שיין אויפֿנעמען (מיט פֿײַנעפֿ

כּיבֿוד). א, דעם גאַסט מיט טיי מיט מאַלינעס,
מיט אַלע גוטיקייטן.

אויפֿדינען זיך — ← דפֿוו. דערדינען זיך.
שטײַגן אין אַ פּאָזיציע, אַמט אע. חנפֿענען דעם
אָנפֿירער און א, זיך.

□

אויפּדיקטירן

□

אויסדיקטירן — טרוו. ־טיר אויף, ~(גע)־
דיקטירט. פֿאַרענדיקן דיקטירן. א, אַ בריוו.
אויך: ~דיקטעווען (מיט בײַטעם פֿון
ביטו□).

אויף[די קעפּ — אַדוו פֿראַזע. זייער ענג,
געדיכט (וועגן אַן עולם, אַן אָנלויפֿעניש). שטיין
אויף די קעפּ און שלינגען דעם רבינס

ווערטער. „ווערט מען געוואויר אַז בײַ...מאַכט מען אַ סוכּה, און ס'ווערט אַ צונויפֿלויפֿעניש אויף ד — קעפּ", סמב.
י

אויסדישען —. ־שע אויף, ~געדישעט. סל.
אוטוו — דזוו אויפֿדיכען ←. טרוו — צונויפֿשטיקן, צונויפֿקוועטשן. א, געקאָכטע קאַרטאָפֿל פֿאַר די עופֿות.
אויסדליבען — טרוו. ־בע אויף, ~געדליבעט.
פּפֿ: ~דלובען. סל. אויפֿקאַלופּען, אויפֿקראַצן. א, די שטיקלעך שפּײַז פֿון די ציין נאָכן עסן. א, אַ לאָך.
אוימדעלעגירן — טרוו. ־גיר אויף, ~ דעלעגירט. דערהייבן עמעצן דורך מאַכן אים פֿאַר אַ דעלעגאַט. „א, דעם חבֿר צום צוזאַמענפֿאָר פֿון די פֿאָלקסבענק", רייד.
אדיף דע'ם — פֿראַזע. אויף דער זאַך, אויף דעם ענין. [ד ע ם איז אַ דעמאָנסטראַטיווער פּראָנאָם און פֿאַרבײַט דאָס וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן]. אויף דעם האָבן מיר ניט
א ן תּירוץ אויף דעם איז ן עצה ניטאָ.
ף ל לאַנ
ק
דעם אַ'נד, אויפֿן ד — פֿראַזע.

יִ . יִ

דזוו איבּער די דערפֿער. איבּער (אויף) דער
גענגט אַרום שטאָט (שטעטל). גיין, זײַן,
האַנדלען אויף דעם לאַנד. „די מאַנסלײַט זײַנען
די גאַנצע וואָך בּיז פֿרײַטיק אויף דעם לאַנד,
גייען אום איבּער דערפֿער און הויפֿן‟, אמד,
פֿייגעלע דער מגיד, ווילנע תּרכ„ה.
אויפֿדעמערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געדעמערט. אויפֿגיין (וועגן טאָג, מאָרגנשטערן).
„ווי נאָר [דער ווילן] האָט אויפֿגעדעמערט אין
זייער בּלוט‟, ייִט, פּוילן II.

▯ ▯

אויסדעמסונג, ~דעמפּונג — די, ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדעמפֿן
(~דעמפּן). די א, פֿון פּירות.

- ▯

אויסדעמסן — טרוו. דעמף אויף, ~געדעמפֿט.
אויך: ~דעמפּן. דעמפֿן בּיז דער נייטיקער
מדרגה (← אויסדעמפֿן). א, פֿלייש צו

וועטשערע.

󠀠

אויסדענערווירן — טרוו. ־וויר אויף, ~
דענערווירט. מאַכן זייער נערוועז. „דער יונג
האָט מיך אַזוי אויפֿדענערווירט אַז עס ציטערן
מיר די הענט און פֿיס“, רייד.

󠀠

אויסדענערווירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
ווערן שטאַרק נערוועז, אויפֿגערעגט. א, זיך
און פֿאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך.

󠀠

אויסרעק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿדעקן. “דער סוד פֿון פֿאָלק ישׂראל
וועט ווערן אַדיפֿגעדעקט ערשט מיט דעם א,
פֿון די לעצטע זאַכן...“, צײַט, טמז, 2 1956 III.

-

אויסדעקאָרירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדעקאָרירן. "ווי געפֿעלט דיר די נײַמאָדישע א'?".

אויסרעקאָרירן — טרוו. ־ריר אויף, ~ דעקאָרירט. אויפֿפּוצן דורך אַ נײַעם מין

קאָרירן; פֿונדאָסנײַ דעקאָרירן. א, דעם זאַל פֿון דער פֿאָרשטעלונג. א, די פֿאָרשטעלונג מיט

 דעקאָראַציעס.
נײַ
אויסדעקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדעקן. די א, פֿון אוצר; א, פֿון פֿאַרברעכן. מצבֿה־א'. דענקמאָל א'. טאָוולא..
אויפֿדעקלאַמירן — טרוו. ־מיר אויף, ~ דעקלאַמירט. אויסדעקלאַמירן (←) פֿאַר אַן עולם. שיין א, אַ ליד און קריגן אַפּלאָדיסמענטן.

אויסדעקן — טרוו. דעק אויף, ~געדעקט.
1. אַוועקנעמען דעם צודעק. א, דעם טאָפּ, עס זאָל גיכער אויסקאָכן. „שטיינער...וואָס זיי זײַנען געווען פֿאַרדעקט און זײַנען אויפֿגעדעקט געוואָרן...“, זרעים, נד/בּ. „די ווײַבער זײַנען ...איבערגעפֿאַלן דעם וואָגן, האָבן אויפֿגעדעקט די סוויטקע און...אַרויסגעלאָזט אַ געשריי“, ממום, מסעות. א אַ ס ט אַ ט ו ע , אַ ,
בּ י ל ד = אַראָפּנעמען דעם צודעק בײַ אַ פֿײַערלעכער צערעמאָניע. א, אַ מ צ בֿ ה = זיך צונויפֿקומען בײַ אַ פֿריש געשטעלטער מצבֿה, אַראָפּנעמען דעם צודעק, מאַכן אל מלא־רחמים (האַלטן רעדעס).
2 פֿונאַנדערשפּיליען, פֿונאַנדערעפֿענען,
.
אויפֿהייבן (וועגן אַ מלבוש). א, די פּאָלע. „בּבֿא...זיין מאנטיל אויף דעקט, דא זאַך זי...“, בּבֿא־בּוך, 333.
3. אַנטבּלויזן, ווײַזן אמתן אויסזען; זען (ווײַזן) אָפֿענערהייט. מלל פֿאַרטײַטשט 'את מקרה הערה, (ויקרא, כ, 18): „אויף גידעקט“ [תּי: אַנטבּלויזט]. „אַ חשק אַ ביסל א, דאָס

צעקאַטעוועטע לײַב און אַרויסשטעלן דער
וועלט: נאַט, קוקט די וואונדן!“, ממוס,
אסיפֿות'.

4. אַוועקשאַרן, אָפּטאָן וואָס שטערט צו
זען. „דו, אָדם הראשון, דעק אויף די ערד פֿון
דײַנע אויגן, דען הקבּ“ה האָט צו דיר געבאָטן
אַ מצווה און דו האָסט זי ניט געקענט מקיים
זײַן“, נצ2.

5. אַנטפּלעקן אַ פֿאַרבאָרגענע זאַך. מגלה
סוד זײַן; אַרויסברענגען אָפֿן וואָס מע
באַהאַלט. א אַן אַלטן חטא, אַ פֿאַרברעכן. „העט
,
איך ליבּר איין צוים אין...מואל גישטעקט,
אויבּ האבּ מיין ריד אויף גידעקט„, עיון,
2/12. „עס איז אָנגענעם אַרויסצוגראַבלען די
דאָזיקע סודות, א, זיי, קלאָר מאַכן,
פֿונאַנדערפּלאָנטערן“, יק. *א, אַ וואונד = אויך:
אַנטפּלעקן וואָס עס דריקט, פֿאַרשאַפֿט צער. *א,
די חרפּה = דערציילן וועגן אַ שענדלעכער
פּאַסירונג. *א, די קאָרטן = אָפֿן אַרויסקומען
מיט עפּעס וואָס געוויינטלעך באַהאַלט מען עס
(כדי צו ווײַזן וואָס מע וויל, וואָסער כּוח מע
האָט אע).

6. אַנטדעקן; אויפֿזוכן, געפֿינען וואָס מע

האָט פֿריִער ניט געוואוסט. א אַ נ לאַנד.
'
,

"גערײַזט אויף אייגענע שיפֿן איבער ימען
אריפֿצודעקן נײַע אינדזלען האָבן מיר ניט",
ממוס, שלמה. "איך האָב זיך...געמיט
אויפֿצודעקן דעם שיפֿער", צײַט, געזאַמלטע לידער II.

אויסדעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿרן זיך,
אָן מי, ניט בכיוון, זיך אַנטפּלעקן, זיך ווײַזן
אָפֿענערהייט. "עס אַנטפּלעקן זיך קוואַלן וואַסער

אוי:; דער גרויסער וועלט

אונטן, עס דעקן זיך אויף פֿון דער ערד די
גרונטן,,, ממוס, שירה.
אויסדעקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿדעקן (מיט בײַטעם פֿון
ביטול).
אויסדעקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער

עס דעקט אויף, געפּינט עפּעס אויס. „לאָמיר
הערן וואָס די א'ס האָבן אויסגעפֿונען“, מוו,
שוואַרצע פּינטעלעך. „מע האָט טענות ניט צום
אמת, נאָר צום א, פֿון דעם אומגעמיטלעכן
א—ת“, ימ, קולטור און דערציאונג, 1939.
מ
אויסדער־ — פֿאַרבינדונג אין אַ היפּשער צאָל
ווערבן פֿון קאָנווערב א ו י ף מיטן פּרעפֿיקס
ד ע ר ־. אין ריידשפּראַך אַ סך אָפֿטער ווי
אין געשריבענע דאָקומענטן. איצ און אימפּ
זעלטענער און ווייניקער נאַטירלעך ווי אינפֿ
און פּאַר; בכן געוויינטלעך אין פֿצ און קצ.
← אויפֿדערהייבן, אויפֿדערוואַכן, אויפֿדערטאַפּן
אאַזוו.
אויף[־דער־אמתן — [...ע'מעסן] אַדוו. [
צונויפֿשמעלץ פֿון אַדוו פֿראַזע פֿון יענער תּקופֿה,
ודען אמת איז אויך אין ייִדיש, ווי אין לק,
געווען אַ וואָרט פֿון ווייַבלעכן מין און געהאַט
אין דאַטיוו די ענדונג ־ן]. באמת, אויף
אַן אמת; ניט אויסגעטראַכט; אָן אַן אָנשטעל,
גוזמא; בהסכּם מיט פֿאַקטן. „...זיי מיינען [די
אויפֿגעקלערטע] א'־ד'־א', אַז זיי דאַרפֿן
האָרעווען אויפֿן וויַיב...און צושטעלן דער
פֿאַמיליע פֿון כּל־טובֿ...“, ייִל, פּוילישע ייִנגל,

אַדעס 1895. „זײַ ניט מגזם און דערצייל ניט
קיין מעשׂיות. זאָג ווי עס איז געוועזן א'־ד'־א,?“,
רייד. [אין ייִוואָ־אויסלייג פֿון 1937 דרײַ
באַזונדערע ווערטער]. סוב: דער אויף־דער־אמתן, ־ס.
„דער א,־ד'־א, איז תּמיד בלאַסער ווי די
פֿאַנטאַזיע“.
אויף[דער (אַ) פֿולער וואָך — פֿראַזע.
אויף אַ מזלדיקער וואָך, אויף אַ וואָך וואָס זאָל
זײַן פֿול מיט פּרנסה. [כאַראַקטעריסטיש
ווינטשן (זיך) בײַם ערשטן פֿאַרדינסט שבת־
צונאַכט. דער הבֿדלה־כּוס דאַרף זײַן פֿול און אַ
סגולה (סימן) אויף אַ פֿולער וואָך. „אָט
האָט מען שוין געהאַט דעם פּאָטשין א, ד, פֿ,
וו'“, יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
-

אויסדערבאַרעמען זיך — אוטוו. אימפּ,
איצ נב. זיך ~דערבאַרעמט. מיטאַמאָל,
ווידער פֿונדאָסנײַ אָדער ענדגילטיק זיך
דערבאַ,
רעמען. א, זיך אויף אַן אומגליקלעכן.
אויף; דער גי'ך — אַדוו. היפּוך פֿון
פּאַמעלעך. אין אײַלעניש, מיט אַ מינימום צײַט.
עפּעס טאָן א, ד, ג,. „אַז מען ענטפֿערט אויף
דער גיך באַנאַרישט מען זיך“. סוב: ד ע ר

אויפֿדערגיך, ־ן. "דײַן א, ציט זיך שוין מער
וו אַ שעה", רייד.
ʼ

אויף דער געשווי'נד — אַדוו. פֿד. דזוו אויף
דער גיך ←. רעדן א, ד, ג, און פֿאַרשלינגען
האַלבע ווערטער.

אויף; דער גרויסער וועלט — פּראַזע.
אומעטום איבער דער וועלט, אין ווײַטע
מקומות, אין גרויסע שטעט, אין וויכטיקע
ערטער פֿון דער וועלט. "זיי גייען אויס □ו
הערן נײַס, צו וויסן וואָס עס טוט זיך א, ר,
ג, וו", ממוט, 'צוריק אַהיים'.

אויף[דער האַלבֿ

אויף דער האַ'לבֿ — אַדוו פּראַזע. אויף
האַלבֿ, אויף העלפּט, אויף פּופּציק פּראָצענט.
„זי נעמט אויס מיט אים אַ תּנאַי...טאָמער
וועט ער עפּעס מאַכן, זאָל זײַן א, ד, ה',„
שע, לכּבֿוד יום־טובֿ I. םובֿ: ד ע ר
אויפֿדערהאַלבֿ, ־ן. „פֿון זײַן א, קומט מיר אַרויס
נאָר אַ קליין שטיקל".

אויף־דער־האַ'נט — אַדוו□ (אין לשון פֿון

בעלי־עגלות) געשפּאַנט (בײַ אַ צווייספּאַן אָדער טאָפּל־געשפּאַן) פֿון דער לינקער זײַט [ווײַל דער בעל־עגלה זיצט געוויינטלעך לינקס].

אויפֿו דער האָ'ר — אַדוו פּראַזע. אויף אַ האָר, פּונקט, אַקוראַט. „איך וועל דיר אויסלייגן אויף ראָשי־תּיבֿות און נוטריקין, און דו זאָג מיר א, ך, ה'...„„ זלמן סאָבעל, זווגים, וו□רשע 1874.

אויסרערהייבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדערהייבן (זיך).

□

אויסדערהייבן — טרוו. דערהייב אויף, ~דערהויבן. אויך מיט ז י ך. דערהייבן, ברענגען צו אַ העכערער מדרגה (אין דינסט, אַמט אע). א, □עמך און מאַכן פֿון זיי גאַנצע קנאַקערס.

אויף[דער הייסער מינו□־ (רגע, שעה) — אַדוו פּראַזע. אויך: אויפֿן הייסן מאָמענט. פּונקט אין דער סאַמע וויכטיקער צײַט, ווען דער ענין (די זאַך) איז פֿריש; ווען עס איז קריטיש; אויב שפּעטער — איז עס פֿאַרפֿאַלן אָדער ניט אַזוי גוט (פּאַסיק). „ דערווײַל וועט איר מיר געבן ת״ך קערבלעך, מע

זאָל נאָך קענען פֿאַרכאַפּן [דעם פּראָצעס] אויף
דער הייסער שעה„, ייִל, דאָס משלחת, זשיט
ומיר תּרל״ו.
אויף דער הע'לפּט — אַדוו פֿראַזע. דזוו
אריף דער האַלבּ ←. צעטיילן, צעשנײַדן א, ד,
ה'.
אוי ז דער העצקע — אַדוו פֿראַזע.
וואוילינגעריש. דזוו אויפֿן צימבל ←.
אויף(־)דער()וואָך, אויפֿדערוואָך —
אדוו (פֿראַזע). פּד, אריך אוקר (פּאָד) [
אַרויסגערעדט: אי'פּטעוואָך, אי'פֿדעוואָך, אי'וודעוואָך].
בּמשך פֿון דער קומענדיקער וואָך [ניט
צרנויפֿמישן מיט: אויף דע'ר וואַך = בּמשך פֿון דער
איצטיקער וואָך]. אָפּגעכּן דעם חובֿ א'־ד'־וו'.
„נאַך די וואַך האַבן מיר געמוזט ארויסגעבּן
אַ האַלבּן בויגן...נאָר פֿון אויפֿדערוואָך אָן
וועלן מיר שוין ווידער אַרויסגיין גאַנצע
בּויגן“, קמ, 1864, No 41.
אויסדערוואַכט — אַדי, פּאָר אויפֿדערוואַכן←.
די א'ע בּאַפֿעלקערונג.
אויפֿדערוואַכן — ־וואַך אויף, ~דערוואַכט.
ארטוו — 1. מיטאַמאָל ווערן וואַך, אויפֿוועקן
זיך. א, אין מיטן נאַכט פֿון דעם טומל איי

גאַס. 2. לעצטגילטיק אויפֿשטיין. „די
טויטע דועלן א'“. 3. אָפּטרייסלען פֿון זיך
גלײַכגילטיקייט□ אויפֿשטיין צום קאַמף. א, צום
קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט.
טרוו — 1. מיטאַמאָל אויפֿוועקן. „ס'ווערט
מײַן שט□כ באַפֿעלקערט, אריפֿדערוואַכט“, מאָל,
דער מלד דוד... 2. ארויסברענגען פֿ־ן
גלײַכגילטיקייט, צונעבן מוט, רופֿן צו אַ קאַמף.
א, די אונטערסעניקע שקלאַפֿן.

425

אויסדערוואַקסן — איצ, אימפּ נב. ~
דערוואַקסן. אוטוו — וואַקסן הויך, ביז דער
נייטיקער מדרגה. די תּבֿואה וועט נאָך א'. טרוו
— אויפֿהאָדעווען, אויפֿציִען, אויפֿברענגען.
מלל פֿאַרטײַטשט 'ותעל אחד מגריה, (יחזקאל,
□, 3): „אויף ער וואַקסן“ [תּי: אויפֿגעבראַכט].
יט
אויסדערוואַקסן — אַדי, פּאַר ← דפֿוו. „
יִדישע קינדער, פֿון קליינערהייט אויפֿדערוואַקסענע
צווישן זייער פֿאָלק אין דעם גוטן יִדישקייט“,
ממנס, אַ גרויע האָר'. אָפּט סוב — ווער

,
עס האָט דערגרייכט די פֿולע מדרגה פֿון
אויפֿוואַקסן; פֿוליעריקער.

אויסדערוויַיזן — טרוו. דערוויַיז אויף, ~
דערוויזן. ענדגילטיק דערוויַיזן. א, מיט די בעסטע
ראַיות. א אַז מען איז גערעכט.

,
אויסדערוויַיזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון
זיך, אָן באַמיאונג אַרויסקומען ווי אַ
לעצטגילטיקער באַוויַיז. דער גאַנצער אמת וועט זיך
א—

.,
אויסדערוויסן זיך — אוטוו. דערוויס זיך
אויף, זיך ~דערוואוסט. פֿטמ. 1. פֿלוצלינג,
מיטאַמאָל זיך דערוויסן, באַקומען ידיעה. א,
זיך וואָס ס'הערט זיך אין דער היים. 2.
דערגיין וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן. זיך א, וואָס
מע האָט געוואָלט באַהאַלטן.
אויפֿדערוי'ף — דער, ־ן. [אַרויסגערעדט:
אַפֿדערו'ף, אָפֿדעראָ'ף אאַ]. דזוו אַדערויף ,..
מקבל קנין זיַין מיט אַן א'.
אויף[דערוי — פֿראַזע. [אַרויסגערעדט ווי

דפֿוו] אויף דעם. “אַ לויז האָט אויך אַ פּופּיק,
אָבֿער דער נגיד איז ניט קיין בּעלן אויף
ד □...ויף“, שוו.
אויסדערטאַסן — טרוו. דערטאַפּ אויף,
~דערטאפּט. פּטמ. דזוו דערטאַפּן, נאָר
עמפּאַטישער. „אַז ער דערטאַפּט אויף אַ פּריש
שטיקל סחורה, ווערט ער אַ לעבֿעדיקער“,
רייד.

□

אויסדערטראַכטן — טרוו. דערטראַכט אויף,
~דערטראַכט. פּטמ. אויסטראַכטן מיט
געוויסער גרינגקייט אָדער גיכקייט. א, אַלץ נײַע
המצאהלעך.
אויפֿדערלאַנגען — טרוו. דערלאַנג או□ף,
~דערלאַנגט. 1.   אַרויפֿדערלאַנגען,
אַרויפֿגעבֿן, אַרויפֿלייגן. א, דעם היי אויפֿן בּו□דעם.
2. מיטאַמאָל (אָדער גיך) דערלאַנגען. □ □, צום
טיש אַלע מאכלים.
אויפֿדערלאַנגעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויפֿדערלאַנגען.
אויפֿדערלייזן — טרוו. דערלייז אויף, ~

דערלייזט. לעצטגילטיק אָדער מיטאַמאָל דערלייזן. ״גאָט, דערלייז אונדז אויף פֿון די אַלטע גבֿאים‍״.

אויף־דער־לײַ'טשע (לייץ) — אַדוו. (אין לש‍ן פֿ־ן בעלי־עגלות) געשפּאַן (בײַ אַ צרויישפּאַן) אין דער רעכטער זײַט. ← אויף־דערהאַנט.

אויף דער לינקער זײַט — פּראַזע. אין אַ שלעכטער שטימונג; אין (מיט) אַ שלעכטס (בייז) געמיט. אויפֿשטיין א, ד, ל, ז'. [מע שלאָפֿט געווײנטלעך אײַן אויף דער לינקער זײַט און אין שלאָף דרייט מען זיך איבער אויף דער רעכטער. בכן ווען מע שטייט אויף

‍

אויפֿדערנאַכט

אויף דער לינקער זײַט, איז מען ניט אויסגעשלאָפֿן און מען איז בייז]. „.—״ די שוויגער איז אויפֿגעשטאַנען א, ד, ל, ז'. — רעד נישט אַקעגן״, י. מ. ניימאַן, שבת־אויבס.

אוי‍; דער לע'ר — אַדוו פּראַזע. צו (אין דער צײַט פֿון) לערנען זיך אַ מלאָכה, פֿאַך.

זײַן, זיך אָנדינגען, צונעמען אאַ א, ד, ל'.
„ווען מען איז א, ד, ל', איז ביטער און שווער„, שוו. אויך סובֿ. דער אויפֿדערלע'ר = צײַט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַ לערלינג, לערןייִנגל.

אויף דער מאה — פֿראַזע. אין אַ גרויסן סכום, ניט איינציקווײַז. [אָבער עס דאַרף ניט זײַן דווקא צו הונדערט]. (פֿאַר)קויפֿן, (אָפּדינגען) א, ד, מ'. „איר וועט אַוועק צו די זיידעס, וועט איר מער קיין אייער ניט וועלן עסן א, ד, מ'„, ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I.

אויפֿדערמאַ(־מאָ־)נונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדערמאַנען (זיך). מיטל צום אויפֿדערמאַנען. שיקן אַן א'.

אויסדערמאַנט — אַדי, פּאַר אויפֿדערמאַנען (זיך) ←. פּפּ: ~דערמאָנט, לד. וואָס איז צוריק אויפֿגעקומען אין זכּרון. „דער פֿאַרגעסענער און א'ער פֿייזאַנש איז שוין מער ניט...", יג, תּוך.

אויסדערמאַנען, ־מאָנען — טרוו. ־מאַן, ־מאָן אויף, ~דערמאַנט, ~דערמאָנט. דערמאַנען אַזוי אַז דער צווייטער זאָל זיך טאַקע דערמאַנען. א, עמעצן אַ מעשׂה שהיה וואָס

יענער וויל ניט געדענקען.

אויסדערמאַנען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
מיטאַמאָל אָדער ווידער דערמאַנען זיך. א, זיך פֿאַרגעסענע זאַכן.

-

אויסדערמונטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדערמונטערן. מיטל צום אויפֿדערמונטערן. „אַזעלכע רייד זײַנען אַן א—תע א'“.
מ
אויסדערמונטערן — טרוו. דערמונטער אויף, ~דערמונטערט. מיטאַמאָל אָדער אינגאַנצן דערמונטערן. א, עמעצן נאָך לאַנגע מאַטערנישן. א, צום גערעַנגל. מיט זיך — ־ אויך: פֿון זיך, אָן זײַטיקן אַריינמיש, אָן אייגענע באַמיאונגען ווערן אויפֿגעמונטערט.

אויסדערמונטערנדיק — אדי. וואָס איז אַ מיטל צום אויפֿדערמונטערן. א'ע גרוסן.
אויפֿדערמי'ט, אויף דער מי'ט — אַדוו

(פֿראַזע). אין סאַמע מיטן. צעשנײַדן, צערײַסן
א, ד, מ'. "...איבער א לאַנגער שמאָלער
קלאַטקע...זיך באַגעגנט דאַרט סאַמע א,־ד,־מ, מיט
אַ מענטשן וואָס איז זיי געקומען אַנטקעגן",
ממוס, מסעות. סוב: ד ע ר אויפֿדערמיט,
מצ נב. "געפֿין מיר דעם א', וועל איך צעשערן
דאָס שטיקל שטאָף".

אוי דערנאָך — אדוו פֿראַזע. אויף
שפּעטער, אויף דערנאָכדעם; פֿאַר דעם (צרליב דעם)
וואָס וועט ווײַטער געשען. לאָזן דאָס עסן א, ד,.
"אויב ס'האָט געפֿעלט שׂכל אויף פֿריִער, ווי
קען קלעקן שׂכל א, ד'?", רייד [שוו7]. ,,אַ ייִד
מעג מען שעלטן אין טאַטן אַרײַן, אויב נישט
פֿאַר פֿריִער — איז א, ד',,, שוו.

אויפֿדערנאַ'כט — אדוו & סרב, דער, ־ן.
(אין) אָוונט, אָוונטצײַט (ביז צו דער

געוויינט
אויפֿדערנאַכטיק

לעכער צײַט פֿון .ין שלאָפֿן). קום צו מיר
הײַנט א'. ,,באַזונדערש ענג איז געווען אין
חדר דאָנערשטיק א'", ש. ביקל. די פּויערים

זיצן יעדן א, אין שענק. „אויך דעם לעצטן
פֿרײַטיק א, בין איך בײַ איר געווען„, חג,
דער מאַמעס שבתים. „אין די א'ן ליגן זיי
ביידע אויף די נאַרעס„, א. קאַהאַן,
אינזשענערן. „...דרייט זיך דאָרטן פֿון אַ גאַנצן א'"
בימקאָ, גנבים. [פֿרגל: אויף דע'ר נאַכט. זיך
גרייטן אויף דער נאַכט פֿון סכּנה; אויף דער
נאַכט פֿון פּסח אאַזוו. לויטן אויסלייג פֿון ייִוואָ,
1937, אַדוו: אויף דער נאַכט.]
אויפֿדערנאַכטיק — אַדי. נעאַל. 1. וואָס האָט
די אייגנשאַפֿט פֿון אויפֿדערנאַכט. „...די א'ע
ביימער, די שוואַרץ־קלאָרע פּלאַסטיק פֿון
זייערע גופֿן", צײַט, געזאַמלטע לידער 2 . II. וואָס
איז, קומט פֿאָר אויפֿדערנאַכט. „די א'ע
פּורימדיקע סעודה", ייִט, טאָג, 7 1961 I.
אויפֿדערנאַכטלעך — אַדי. 1. נאָענט צום
אויפֿדערנאַכט. „עס איז שוין געווען א, און
אַ ווינטל האָט גענומען בלאָזן". 2. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אויפֿדערנאַכט. אַן א'ע
שטימונג.
אויפֿדערנע'רן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~דערנע'רט. אויפֿהאָדעווען, מפֿרנס זײַן. א,
אַ משפּחה מיט קינדער פּיסקליאַטעס.
אויף; דער עינוי — [...אינע] אַדוו פֿראַזע.

אויף דעם געשטעל צו פּײַניקן, דערעיקר דורך
אויסציִען די גלידער. נעמען עמעצן א, ד, ע,.
ציִען עמעצן א, ד, ע'. [עינוי = פּײַניקונג].
אויף; דער עלטער — אַדוו פֿראַזע. אין די
יאָרן פֿון זײַן אַלט פֿון אַלטקייט פֿון אַ

„ . ,

שיכּור אין דער יוגנט ווערט אַן אָרעמאַן א,
ד, ע'", שוו. „ווער עס זינדיקט מיט די אויגן,
ווערן זיי אים טונקל א, ד, ע'", שוו.
אויף[דער ערד — אַדוו פֿראַזע. אויף דער
אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד, אויפֿן באָדן. זיו
וואַלגערן א, ד, ע'. וואַקסן א, ד, ע'. אָרעם
און רײַך ליגן אין דער ערד ביידע גלײַך, נאָר
א, ד, ע, ליגן די רײַכע בעסער„, שוו. „...אין
אונטרשטין פֿיר הויז דז אָפֿן איז אויף דיא
גס, אויף דער ערד", 'תּקנות חכמי ומנהיגי
ק"ק פראָג„, שע"ב [ריבֿ, רשומות, תּרפ"ו].
אוי ; דער פּען — אַדוו פֿראַזע. (סוחריש) אויף
(מיט) אַ וועקסל. צאָלן א, ד, פּ'. „דער מוכר
האָט געוויזן זײַן סחורה בהן און דער קונה
האָט געצאָלט מיט קלינגערס, ניט א, ד, פּ'",
ייִל, כּל־בוניק, זשיטאָמיר 1876.
אויף דער פֿריי — אַדוו פֿראַזע. 1.
אומגע--

צוימט, אומגעשטערט; אָן פּענטעס. זינגען ווי
אַ פֿויגל א, ד, פֿ'. זיך פּאַשען א, ד, פֿ'. 2. אויף
דער פֿרײַער לופֿט (בײַם ים, אין דאָרף אע).
פֿאַרברענגען דעם זומער א, ד, פֿ'. 3. ניט אין
תּפֿיסה. „געווען בין איך שטענדיק א, ד, פֿ',„
גנבים־ליד.

□ □

אויסדערפֿרייען — . טרוו. ־פֿריי אויף, ~
דערפֿרייט. אָפּט מיט ז י ך. מיטאַמאָל אָדער אין
אַ גרויסער מאָס פֿאַרשאַפֿן פֿרייד. א, עמעצן
מיט אַ גוטער בשורה. ווינטשעוואַניע: איר
זאָלט אינגיכן אויפֿדערפֿרייט ווערן!

□ □

אויסדערסרישן — טרוו. ־פֿריש אויף, ~
דערפֿרישט. אָפּט מיט ז י ך. דערפֿרישן

426מיט

אַמאָל אָדער ביז דער נייטיקער מדרגה. א אַ

,

פֿאַרוו אַנעטע בלום.

י

אויסדערסרײשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך ווערן ווידער פֿריש. פֿאַרנעבלטע זכרונות האָבן זיך אויפֿדערפֿרישט.

אויסדערציטערן — טרוו. ־ציטער אויף, ~דערציטערט. פֿטמ. מיטאַמאָל אָדער אין אַ שטאַרקער מאָס מאַכן ציטערן. א, די הערצער פֿון עולם מיט אַ בייזער בשׂורה.

אויף־דער־צײַ'ט — אַדוו. 1. אין די הויכע חדשים פֿון טראָגן; נאָענט צו האָבן אַ קינד. זײַן א'־ד'־צ', אָט־אָט געלעגן צו ווערן. „ווען די כּלה איז א'־ד'־צ, קוקן די מחותּנים אָן אַ זײַט“, שוו. „מײַן גיטרײַאי פֿרומי ליבּי מוטיר איזט אַך אויף דער צײַט גנגין אונ, אויז גירעכניט האָט איין גרושי שׂמחה גיהאט“, גה, 70. אייער טאָכטער איז בּ„ה למז“ט א, ד, צ'. גאָט זאָל געבן...צו הערן בּשׂורות טובֿות“, מסדר אגרת, תּקפּ“ה. 2. שטײַן בּקרובֿ פֿאַר אַ געריכט (שפּאַסיק, פֿאַרשטעלט). „ישׂראל איז מיט מזל שוין אַרויס פֿון בעט [= תּפֿיסה],

אָפּגעוועז דרײַ חדשים. איצט איז בערל א,־ד'־
צ— מאָרגן א
לן
— טרון. איצ, אימפּ נבֿ.
'. יז זײַן סוד [= משפּ]“, בריוו.
אויסדערציי
~דערציילט. פּטמ. 1. אויסדערציילן ←,
אָנדערציילן. איך האָב ניט קיין ווערטער דאָס
אַלץ אײַך אויפֿצודערציילן. 2. (צונויפֿ)ציילן
ביז דער נייטיקער מאָס (מדרגה). קענען א,
אַפֿילו ביז אַ מיליאָן.

-

אויסדערצ ען — טרוו. דערצי אויף, ~
דערצויגן. אויפֿהאָדעווען, אויפֿברענגען,
דערציִען ביזן סוף, ביז דער נייטיקער מדרגה. א,
קינדער און קינדס־קינדער. א, ווי אַן אייגן
קינד.

אויסדערצ ען זיך —־ אוטוו. ← דפֿוו.

אויפֿגעהאָדעוועט ווערן. א, זיך אין אַ חסידישער (נגידישער אע) היים.

אויסדערקוויקן — טרוו. דערקוויק אויף, ~דערקוויקט. פֿטמ. אויך מיט ז י ך. דערקוויקן אינגאַנצן, ביז געוואונטשענער מדרגה. דער געטראַנק דערקוויקט אויף, מאַכט פֿון טויט לעבעדיק.

אויף; דער קלאָץ — אַדוו פֿראַזע. (גאַרבערײַ) ווען די רויע פֿעל איז צוגעשלאָגן צו אַ קלאָץ. „אויסהאָרן, באַשנײַדן, אָפּשאָבן דאָס פֿעטס...און אַנדערע אַרבעטן א, ד, ק',„, וואולאַך, האנטביכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט, 1922.

אויפֿדעדקלערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדערקלערן. געבן אַן א,.

אויפֿדערקלערן — טרוו. ־קלער אויף, ~ דערקלערט. אינגאַנצן פֿולקום דערקלערן. א, אַן ענין אַז אַלע זאָלן פֿאַרשטיין. א, עפּעס פֿון אַלע זײַטן.

אוי דער רינע — אַדוו פֿראַזע. ציִען א, ד, ר, ← אויף דער עינוי. פֿטמ פֿאַרגרײַזונג.

אויף דער שטאָט — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. (גלײַך) אויפֿן אָרט, אויף דער שטעל. „כמעט פּרחה נשמתי, איך בין בעו"ה [= בעוונותינו הרבים] חליש אויף דער שטאַט גיווארין [= געחלשט אויפֿן אָרט]", גה, 218.

אויפֿדרומלען

אוי□ דער שטעל — אַדוו פֿראַזע. בּאַלד אויפֿן אָרט, גלײַך, תּיכף... (אָפּ)פֿרעגן א, ד, ש'. „גיט אַ בּאַפֿעל זײַן דינער, ער זאָל גיין א, ד, ש, צו בּרענגען די זיבּעציק גבּורים...", פֿאַוויר, גדולת יוסף, תּקצ"ח. „רעדט ער אויס אַ וואָרט, איז א, ד, ש, וואַקסן אויס משר□נים אַ טויזנט שנעל", ממוס, יודל. „אַוודאי, אַ יונגערמאַן מיט אַ בּרען וואָלט אים שוין 18 מאָל אָפּגעציילט אין טאַטן אַרײַן א, ד, ש'", ייִ□, ניט טויט, ניט לעבּעדיק, ווילנע תּרנ"ח.

אויסדערשמעקן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ. ~דערשמעקט. מיטאַמאָל אָדער אינגאַנצן (מיט אַלע פּרטים) זיך דערוויסן. א, יעדער בּרעקל.

אויף; דער שנע'ל — אַדוו פֿראַזע. פּד. דזוו

אויף דער גיך. אויפֿקאָכן עפּעס א, ד, ש'.

אויסדערשרעקן טרוו. ־שרעק אויף, ~דערשראָקן. אָפּט מיט ז י ך. דערשרעקן, מע זאָל זיך אַ הייבּ טאָן. א, די פֿייגעלעך; א, אַ פֿאַרחלומטן, ער זאָל אויפֿציטערן.

אויסדערשרעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
פֿלוצלינג איבּערלעבּן שווערן פּחד. א, זיך צום טויט פֿון אַ פֿינצטערער בּשׂורה.

-

אויסדראַזגען — אוטוו. ־גע אויף, ~ געדראַזגעט. מיטאַמאָל מאַכן אַ ל אַרעם, טומל, ׳ קלאַפּערײַ. א, מיט די כּלים. א, אַזש פֿאַרטויבּט צו ווערן.

-

אויסדראָזשען — ־זשע אויף, ~געדראָזשעט.
סל. אוטוו — אויפֿציטערן. א, פֿון קעלט, שרעק. טרוו — מאַכן אויפֿציטערן. א, אַ פּחדן.
אויפֿדראַט(ע)ווען — טרוו. ־ט(ע)ווע אויף, ~געדראַט(ע)וועט. (שוסטערײַ) צונויפֿציִען מיט

דראַטווע, שטאַרקן צונויפֿגעדרייטן פֿאָדעם. א,
ד —זוילן, אַ שוך.
י

אויסדראָטעווען — טרוו. ־טעווע אויף, ~
געדראָטעוועט. אויפֿפּעסטיקן, צונויפֿציִען מיט
דראָט. א, אַן אָנגעשפּאָלטענעם טשוהון [
טשוגונענעם טאָפּ].
־

אויסדראַפּירן — טרוו. ־פּיר אויף, ~(גע)
דראַפּירט. אויפֿפּוצן דורך דראַפּירן; פֿונדאָסנײַ,
וו ער דראַפּירן. א, דאָס מעבל.
י

אויסדראַפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~
געדראַ ט. אויפֿקראַצן. א אַ וואונד.
פּ ,

אויסדראַפּען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אַרויפֿדראַפּען זיך, אַרויפֿקלעטערן. א, זיך אויף אַ
בוים, בוידעם.

-

אויסדראַקען —, טרוו. ־קע אויף, ~
געדראַקעט. 1. אויפֿפּאַטשקען, אויפֿשמירן,
אויפֿטינטלען. א, אַ בּריוו פֿון גאָלע קאָטשערעס
און לאָפּעטעס. 2. גיך, שלעכט אויפֿשרייַבן.
א אַ פּאָר ווערטער, אַבּי זיך אָפּצוטשעפּען.

,
אויפֿדרודלען — טרוו. ־דל אויף, ~געדרודלט.
אויפֿהעצן (מע זאָל ווערן בּרוגז). א, איינעם
קעגן אַנדערן.

אוי דרויסן — אַדוו פֿראַזע. אין דרויסן,
מחוץ דעם הויז, אויף דער גאַס. „א, ד, גייט
אַ רעגן, א, ד, גייט אַ שניי„ פֿל. *גיין (ווען)

,
אויף דרויסן = (וועלן) טאָן די נאַטירלעכע
בּאַדערפֿענישן.
אויפֿדרומלען — טרוו. ־מל אויף, ~
געדרומלט. דזוו אויסדרומלען ←. א, אַ מאַרש.

-

אויפּדרוק

-

אויסדרוק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדרוקן. אַ קלאָרער א'.

אויסדרוקן — טרוו. דרוק אויף, ~געדרוקט.
1. אויפֿשרײַבן מיט געדרוקטע אותיות. א, די נעמען פֿון די קינדער. 2. אַרויפֿפּרעסן מיט (בלײַערנע) אותיות, באַשמירטע מיט טינט (פֿאַרב). א, דעם נאָמען פֿון קויפֿער פֿדן בוך. 3. פֿאַרענדיקן דרוקן. א, דאָס גאַנצע בוך.
אויסדריבלען — טרוו. ־בל אויף, ~ געדריבלט. פּפֿ: ~דריוולען. צענעמען אַ געוועב אויף באַזונדערע פֿעדעם (ביז דער נייטיקער מדרגה).
אויפֿדריבלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (וועגן אַ שטאָף, געוועב) פֿון זיך צעפֿאַלן אויף באַזונדערע טיילן, פֿעדעם אָדער צעריבן ווערן. דאָס פֿאַרצירעוועטע האָט זיך אויפֿגעדריבלט.

אויסדריגען — ־גע אויף, ~געדריגעט. אוטוו — הייבן הויך די פֿיס בײַם לויפֿן. „אַ גוטער פֿערד דריגעט אויף“. טרוו — מיט אַ שטופּ מיטן פֿוס עפּעס טאָן (אויפֿהייבן, אָפּדעקן אע). א, די קאָלדרע. א, די פּילקע גאָר הויך.

-

אויסדריי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿדרייען. מיטל אויף אויפֿצודרייען. דער א, פֿון זייגער איז קאַליע געוואָרן.

אויפֿדריידלען —. טרוו. ־דל אויף, ~ געדריידלט. 1. צונויפֿדרייען, צונויפֿפּלאָנטערן, צונויפֿוויקלען. א, די פֿעדעם אויף אַ שפּול. 2. אָפּוויקלען, פֿונאַנדערפּלאָנטערן. א, די פֿעדעם צו געפֿינען אַן עקעלע.

אויפֿדריידלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. צונויפֿפּלאָנטערן זיך. א, זיך אַז מע זאָל נאָך דעם ניט קענען אָפּפּלאָנטערן. 2. פֿון זיך ווערן אויס קנויל, אויס פּלאָנטער. "די פֿאַרדרייעניש וועט זיך א, ווי ניט איז".

אויסדרייען — טרוו. דריי אויף, ~געדרייט. 1. אויפֿעפֿענען, אויפֿשרויפֿן דורך דרייען (אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג ווי עס איז געווען

פֿאַרדרייט). א אַ שרויף, אַ קרוק. א אַ קראַנט,
, ,

-

עס זאָל רינען וואַסער. „די זון דרייט אויף
פֿאַמעלעך אירע קראַנען„, אפֿא, יעקבֿס
געצעלטן. 2. צונויפֿדרייען, צונויפֿוויקלען. א,
דעם שטאָף אין אַ גרויסן קנויל. 3. הייבן,
גרעסער מאַכן דורך דרייען. א, דעם קנויט פֿון
לעמפּל. 4. אויסדרייען אין אַ זײַט און
אויפֿהייבן. א, דעם קאָפּ צו זען די פֿייגל.
„...אַ פֿײַף מיטן מויל, די קי דרייען די קעפּ
אויף„, פּרץ, זכרונות. 5. אָנדרייען, אָנציִען.
א, דעם זייגער. א, אַ מאַשינקע. 6.
אָנפּלאָנטערן; אויסקאָמבינירן. א, אַ געשעפֿטל. א, אַ
גאַנצע געשיכטע וואָס ניט געשטויגן, ניט
געפֿלויגן.
אויף1 דרײַען — אַדוו פֿראַזע. אויף דרײַ
טיילן, חלקים; פֿאַר דרײַ מענטשן. צעשנײַדן
דאָס ברויט אַ, ד'. עס וועט ניט קלעקן א, ד'.
אויפֿדרייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אויפֿעפֿענען זיך; אויפֿשרויפֿן זיך. אַ קרוק האָט
זיך אויפֿגעדרייט און דאָס בילד איז

אַראָפּגעפֿאַלן. 2. צונויפֿדרייען זיך, צונויפֿקנוילן
זיך. א, זיך ווי אַ בײגל, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ
קעצעלע. „דאָס גאַנצע שלעכטס וואָס ליגט
אין מיר פֿאַרדעקט...אויפֿגעדרייט זיך פּלוצלינג

427

אין אַ קנויל“, הל, אין קיינעמס לאַנד. 3. פֿון
זיך ווערן אַ פּלאָנטער, אַ קאָמפּליצירטע זאַך
(מעשׂה). “מע האָט דאָ פֿאַרקאָכט אַ קאַשע
און אַן אינטריגע האָט זיך אויפֿגעדרייט“,
רויד.

אויסדרייעניש — דאָס (די), ־ן.
עדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿדרייען. דאָס א, סונעם
פּלאָנטער. אויך: ־עכן.
אויפֿדרילן — טרוו. דריל אויף, ~געדרילט.
אויפֿעפֿענען דורך בויערן, דרילן. דרילן ביז
דער נייטיקער מדרגה, מאָס. א, אַ לאָך.
אויפֿדרימבלען — טרוו. ־בל אויף, ~געדרמ..

בלט. פּפּ: ~דרימפּלען. אויפֿשפּילן שלעכט, פֿאַלש, אומגעניט. א, אַ סקאַרבאָווע ניגונדל.

אויפֿדרינגלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט אָפּלייגן אָדער אויסמײַדן, זיך אַרויסדרייען פֿון דעם; וואָס דרינגט זיך אַרויף. ן אע פֿראגע אַן א'ער ענטפֿער. [ימ, 1930].

.

אויפֿדרינגלעכקייט — די, (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿדרינגלעך. „אַן א, וואָס דריקט און זוכט אַ תּיכּפֿדיקן פֿאַרע ופֿער„.

אויסדרינגען — טרוו. דרינג אויף, ~ געדרונגען. אויפֿצווינגען; מיט כּוח אַרויפֿלייגן; ארויפֿוואלגערן. א אַ פֿאַרפֿליכטונג, אַ געזעל,

שאַפֿטלעכע טעטיקייט. „נאָך אונדזער מיינונג

קאָן מען די בילדונג ניט מיט גוואַלד א'", קמ,
No ,1865 20. אויך מיט ז י ך. „...,האָט זיך
אויפֿגעדרונגען די שרעקלעכע פֿראַגע", אמד,
דאָס קינד אין וואַלד II, ווילנע 1876.

אויסדרינגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿדרינגען ־געכץ.
.
אויפֿדרינדזשען — אוטוו. ־דזשע אויף,
~געדרינדזשעט. אוקר. אויפֿטרייסלען מיט
אַ קלינגערײַ; אויפֿקלינגען, אויפֿהילכן. „דאָס
געלעכטער זײַנס האָט פֿונעם האַלדז געטאָן...
א פּראַל, אַזש אַלע פֿענצטער האָבן
אויפֿגעדרינדזשעט", הך, ליים.

אויסדריפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~געדריפּעט.
פֿאַרענדיקן אַן אַרבעט זייער שלעכט (מיאוס),
קאַליע מאַכן דורך פֿאַרבּרודיקן,
פֿאַרפֿאַסקודיען, פֿאַרחזירן. א, עפּעס וואָס מע וועט
דאַרפֿן
אַרויסוואַרפֿן.

אויסדריק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿדריקן. אַ קלאָרער א'.

אויסדריקן —. טרוו. דריק אויף, ~געדריקט.
1. אַרויפֿדריקן, מיט כּוח לאָזן אַ צייכן פֿון
אויבן. „אויף דײַן באַק וועט אייביק ברענען...
דער קוש וואָס כ'האָב דיר אויפֿגעדריקט אַלס
שטעמפּל“, יהואָש, זון און נעבל. 2־
צונויפֿדריקן, צונויפֿקוועטשן. א, די זאַכן אין
וואַליזע, מע זאָל קענען זי פֿאַרמאַכן. „...מײַן ברוסט
אַזוי שטאַרק אויפֿגעדריקט אַז שרײַען האָב
איך ניט געקענט“, י. ראַלניק.
אויפֿדריקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿדריקן.
אויפֿדרעליעווען — טרוו. ־ליעווע אויף,
~געדרעליעוועט. 1. אויפֿבויערן, אויפֿדרילן.
א אַ צאָן. 2. פֿאַרענדיקן אַרויסנעמען
קער,
לעך פֿון פֿרוכט. א, קאַרשן צום פּרעגלען.

אויפהאָדעווען זיך

--

אויסדרעסטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~ג ־
דרעפֿטשעט. פֿאַרענדיקן טאָן אַן אַרבעט ווי
אַ פּאַרטאַטש, אומגעשיקט. א אַ שטיקל
אַר,

בעט, אַז מע זאָל עס ניט קענען נעמען ין
דער האַנט אַרײַן. פֿרגל: ~דריפֿען.

אויפֿדרעקסלען — טרוו. ־סל אויף, ~
געדרעקסלט. לר. אויפֿטאָקן. א, שיינע פֿ
סלעך פֿאַרן טישעלע.

אויף()דרע'רד — אַדוו. אויף דער ערד־ ..,
אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד. “דער
וואָס ליגט אויף־דרערד קען ניט פֿאַלן“, שוו.

סובֿ: ד ע ר , ־ן. ״דער אויפֿדרערד איז נאָך אַלץ אַ בֿעסערער אָרט ווי דער אינדרערד״. „פֿאַראַן כלערליי אויפֿדרערדן און איינערליי אינדרערד״.

אויסדרעשן — טרוו. דרעש אויף, ~געדראָשן (אויך: ~געדרעשט, פֿר) פֿאַרענדיקן דרעשן;

.

דרעשן וויפֿל ס'איז נייטיק; אויסדרעשן אין סך־הכּל. א, דעם קאָרן פֿאַרן אייגענעם געבֿרויך. א, הײַנט צען זעקלעך תּבֿואה.

אויפֿדרש(ע)נען — [...דאַ'רשענען] טר־וו. דרשן (דרשע) אויף; ~געדרשנט (־דרשעט). צונויפֿפֿירן, צונויפֿבֿרענגען ענינים (פּסוקים, מימרות) וואָס זײַנען לויטן אינהאַלט גאַנץ ווײַט איינער פֿון אַנדערן אין איין דרשה (אָדער בֿכלל אין אַ כּלומרשטן איינס). א, אַ טורעם פֿון שפּינוועבֿס. א אַ בֿאָרשט.

,

אויסהאָבן — טרוו. אצ נבֿ. ~געהאַט. אַרכ.
האָבן אויף זיך, טראָגן אויף זיך, זײַן
אָנגעטאָן. „...איין תינוק פֿר זיך גפֿירט ועלכש
איין רוט הייבכה אויף גיהעט האָט“, כּ״י ווענן
מעצער עלילת־דם, 1669 [פֿש, III].
אויפֿהאָגלען אוטוו. ־גל אויף, ~געהאָגלט.
1. פּלוצעם אָנהייבן האָגלען. ס'האָט
אויפֿגעהאָגלט מיט אַ גרויסן שטורעם. 2.
אַרויסקומען (זיך שיטן, קלאַפּן) ווי האָגל. קוילן
האָבן אויפֿגעהאָגלט פֿון אַלע זײַטן. 3. זײַן
אַ רעזולטאַט פֿון האָגלען (אַקוזוו). עס האָט
אויפֿגעהאָגלט אַ גאַנצן באַרג.
אויפֿהאַד(זי)ען — האַד(זי)ע אויף, ~
געהאַד(זי)עט. פּפֿ: ~האַדזשען. אוטוו, אומפּ
— דערפֿילן מיטאַמאָל אַן עקל ווי צום ברעכן.
פֿון אַזוי פֿיל מיסט האָט אויפֿגעהאַדזיעט אויפֿן
האַרצן. טרוו — מאַכן עס זאָל עקלען. א,
עמעצן מיט מיאוסע רייד.
אויפֿהאָדעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געהאָדעוועט. 1. האָדעווען (געבן נייטיקע
באַדערפֿענישן און האָבן השגחה) אַ בעל־חי ביז
צו פֿולער דערוואַקסנשאַפֿט. א, אַ קיִעלע. אַ

בהמה. 2. אויפֿכאָוועןֿ, מגדל זײַן;
דערציִען. א, אַ קדיש נאָך הונדערט און צוואַנציק.
א, אַ קינד ווי עס (באַ)דאַרף צו זײַן, נישט
קיין לײַכטע זאַך. *א, אויף מילך און אויף
פּוטער = געבן די גאַנצע צײַט עסן פֿון
דאָס בעסטע. *א אַ שלאַנג (אויף דער ברוסט)
,
= אַ שׂונא, עמעצן וואָס באַצאָלט מיט שלעכטס
פֿאַרן גוטס.

אויפֿהאָדעוועןֿ זיך — אוטוו. ← □□ פֿוו.
אויפֿוואַקסןֿ, דערגיין צו דער מדרגה פֿון
צײַטיקייט. א, זיו בײַ אַ זיידן; א, זיך אין אַ
קליין שטעטל.

אויפֿהאַווקעןֿ

אויסהאַווקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
געהאַווקעט. מיטאַמאָל אָנהייבן בילן. אַ הונט האָט אויפֿגעהאַווקעט און איז גלײַך אַנטשוויגן געוואָרן.
אויסהאַווקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿהאַווקען. אַן א, פֿון אַ הונט.
אויסהאַטען — טרוו. ־טע אויף, ~געהאַטעט. וורר. אַרויפֿלייגן פֿון אויבן (ברעטער, קלעצער). א, אַ פּאָר ברעטער אַריבערצוגיין די בלאָטע.
אויף[האַלב — אַדוו (פֿראַזע). אויף העלפֿט, אויף צוויי גלײַכע חלקים; אויף דער האַלב ←. טיילן דאָס ברויט א, ה'. שנײַדן פּאַפּיר א, ה'.
אויסהאָלרערן —. אוטוו. ־ער אויף, ~ געהאָלדערט. מיטאַמאָל אַרויסלאָזן קלאַנגען (וועגן אינדיקעס). פלוצלינג האָט אויפֿגעהאָלדערט אַן אינדיק.
אויסהאַלט — דער, ־ן. אַקט, רעזולטאַט אָדער מיטל פֿון אויפֿהאַלטן (זיך), ספּעצ:
1. אָפּהאַלט, מניעה. „פֿאַרוואָס פֿאָרט מען ניט ווײַטער? וואָס איז דער א'?“ „אחר זה פֿר אובליגיר מיך...דז איך איר מוז מאה הגריים געבן אָהני אַלי אויף האַלט“, יצחק־זעקל

עטהויזן, שו"ת אור נעלם, קאַרלסרוע [1765], כד/בּ. 2. דאָס פֿאַרבּלײַבן אויף אַן אָרט. „דער א, אין ווילנע האָט זיך פֿאַרצויגן אויף דרכי חדשים". אַן א׳־אָרט, א׳־פּלאַץ, א׳־שטעל. א׳־רעכט. „אין יאָר 1934 האָט אים די פּוילישע פּאָליציי מער ניט געוואָלט געבּן קיין א׳־ר, אין לאַנד", י. יאַנאַסאָוויטש, איק, 28 1961 ▯I.
3. הילף, תּמיכה, שטיץ (עס זאָל קענען עקסיסטירן, מע זאָל קענען לעבּן). א, פֿון (פֿאַר) ישיבֿה־בּחורים. א, פֿון (פֿאַר) דעם מושבֿזקנים. 4. ווײַטערדיקער קיום. „אויסאַרבּעטן און פֿאַרשטאַרקן דעם סערום פֿון נאַציאָנאַלן אָנהאַלט און א׳". „...מיטלען פֿאַרן אויפֿבּוי און א, פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט", ימ, ספּעציעלע אויסגאַבּע פֿאַרן ייִוואָ, 1926.
אויפֿהאַלטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהאַלטן (זיך); אָפּהאַלט, אָפּשטעל. „בּײַ גאָט איז ניט פֿאַרהאַנדן קיין א, אָדער איין פֿאַרענדערונג צו העלפֿן מיט פֿיל אָדער ווייניק", חה. מ▯ פֿאַרטײַטשט: „ביום השמיני עצרת תּהיה לכם, (בּמדבּר כט, 35) — „אויף האַלטונג", [תּי: אײַנזאַמלונג]. "דש זענן די גרוישי צדיקים די גיאן גנץ פּשוטא אין גן עדן אום אַלי הינדרניש אונ אוף הלטונג", ר,

יחיאל מיכל עפשטיין, דרך הישר לעולם הבא.
,,...אַן א, פֿון מזיקים‘‘, די גליקלעכע כלה, 1865.
אויפֿהאַלטן — טרוו. האַלט אויף, ~
געהאַלטן. 1. אויסהאַלטן, געבן לעבנסמיטלען.
,,אַנישט וואָלטן דאָך אים די בעלי־בתים
געמוזט א‘‘, פּרץ, 'דער נדבן'. ‘‘זײַן ווײַב וואָלט
אים א, מיט זײַן גאַנץ הויזגעזינד,,, שע.
2. העלפֿן בלײַבן אין דעם זעלביקן צושטאַנד.
א, דעם גוטן מעמד. א, בײַם לעבן. ,,ווער עס
דערווײַטערט זיך פֿון בייז צו טראַכטן דער
דאָזיקער האַלט אויף פֿיל מענטשן אין זײַן
זכות‘‘, אור עולם, נעתק ע‘‘י ר, יש̈ראל
ממינסק, ווילנע 1865. 3. אײַנהאַלטן,
פּרעזערווירן. אַרײַנשטעלן טאָפּל־פֿענצטער
אויפֿצוהאַלטן די וואַרעמקייט אין שטוב. א, די

פֿריש428

קייט פֿון שפּײַז פֿון פירות (פֿון אַ מענטשן).

,

4. מוטיקן, שטאַרקן, סטימולירן. א, דעם
קראַנקן. ,,...האָט געזען באַשײַמפּערלעך אַז
דער שלאָפּראָק האַלט אים אויף, שטעלט אים

אויף די פֿיס“, אר, 'דער שלאָפֿראָק'.

5. אָפּהאַלטן, פֿאַרהאַלטן, מעכּבֿ זײַן. „די שולד לייגט מען אויף די ישׂראל אַרויף, זיי האַלטן מיט זייערע זינד משיחן אויף“, ממוס, שירה. „דא זאָגט דער חסיך צו דען ראָש ערן [= ראָש־עירון]... ווען אײַך העט ניט אויף גיהאַלטן, אַזוֹ העט איר פֿיל אונשולדיג בּלוט פֿר גאַסן“, מעע)ה־בּוך, 117 [אַווע III]. „דר ליזונג צו דיינם פֿאָלק אַנטפּלעק אונ, ניט אויף האַלט“, בּרכת המזון, אַמשט, 1723, כ/ב. „ווער וויל דיך אויף האַלטן, ווען דוא ווילשט דיך תּורה אונ מצוות נאָך הלטן?“, עיון, 2/60. „גאָט מאַכט רעגענען און מאַכט א, דעם רעגן“, מחזור לימים נוראים, סלאַוויטע 1832, צח/א. „איז מן איינם זײַן פֿר דינט לון חייבֿ...אונ מן האַלט אים אוף, איז מן איין (לאו) אין וו תּורה עובֿר„, ר, יחיאל מיכל עפּשטיין, דרך הישר לעולם הבּא.

6. אָפּלייגן, אָפּציִען, פֿאַרשלעפּן. אין ל2 א, סינאָנים צו מאַכן שהיות. „אונ, האָבֿ של התּינוק איז גאַנגין בּכל המדינה עדים זוכין אונ, אויף גיהאַלטין דש משפּט“, כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם 1669 [פּ▯ I III]. „אַלזו זיינין זיא יחדיו לשטאטין גיקומין אונ, מיט ר,

משה...וואָלין חשבנן, אכּיר האָט זיא אויף גיהאלטין פֿון איין יום צום אנדרין“, גה, 163. „איך האָבּ געמיינט, מיר ווען קענען גיין אינאיינעם. איך זע אָבּער אַצינד אַרויס ווי דו האַלטסט מיך אויף“, קמ, 32 1865, No.

7. אײַנהאַלטן (עס זאָל זיך ניט אויסגיסן, אויסשיטן). א, מעל אין זעקל. „און די לעפֿצן צו א, דאָס טרינקען„ [עס זאָל זיך ניט אַרויסגיסן פֿון מויל], חה, 136. 8. אײַנהאַלטן אַ געפֿיל (עס זאָל זיך ניט אַרויסווײַזן, עס זאָל ניט בּאַהערשן דעם מענטשן). “ער בּעט הקבּ“ה מחילה און ער טוט תּשובֿה, דא איז אימש הקבּ“ה מוחל, דען הקבּ“ה הלט זיין צאָרן לאַנג אויף“, לט 1, 1/28. „כּאָטשי דו קאָנסט זיך בּאַלד נוקם זײַן אין די רשעים, האַלטסטו אויף דײַן צאָרן און בּאַצאָלסט זיי ניט בּשעת בּעס“, מחזור לראש השנה, 1832, ט/בּ. 9. אַ לענגערע צײַט אײַנהאַלטן אין זיך דאָס זעלבּיקע געפֿיל. א, דעם צאָרן, דעם כּעס, דעם פֿאַראיבּל אע = אויך: אַ לענגערע צײַט עס איבּערצולעבּן. א, די בּאַגײַסטערונג דאָס גאַנצע לעבּן. “עצרת מיינט: אַרײַננעמען אין זיך און א, אין זיך, און ווירקן אויף זיך„, לדבּ, מאמר חג הסוכּות, נ“י, תּ“ש.

1O. צוריקהאַלטן אַ קעגנער. אַקעגנשטעלן זיך [פֿרגל בּ2]. א, דעם שׂונא. א, אייגענע פּאָזיציעס. ,,זיינן דיא לייט זער קלוג גיוועזין... אונ, האבּין מיט אירי חכמות קענין אויף הלטין דיא חיילות השמים“, נצ1, יג/בּ. זן אויך צוריקהאַלטן בּכלל. ,,דאָס קטורת מאַכט א, אַוויר...דאָס קיין מענטש שטאַרבּט אין אַוויר,,, צור, כּי תשׂא.

11. האַלטן אויף זיך, טראָגן. אַרכ. ,,דאַרום האבּן אונזרי חכמים גיזאגט, דאָס מיר [די

אויפֿהאַלטן זיך

תּפֿילין] ניט איין גאַנצן טאָג זאלין אויף האַלטן, דען נייארט אין דער שול אין צײַט דאָס מן אורט“ [= דאַוונט], לט 1, 2/20.

12. פֿאַרמײַדן. פֿאַרשטעלן. אַרכ. מ t

פֿאַר

טײַטשט 'עצרני ה, מלדת, (בּראשית, טז, 2): ,,ער האָט אויף גיהלטן,, [תּי: האָט פֿאַרמיטן]. ,,...האַלט דיא הענד קיגן דען ליכטר, דש זיא דש ליכט אויף האַלט, דש עש ניט זול שיינן“, ספֿר המנהגים, אַמש ט 1723, ז/א.

13. דזוו אויפֿהאַלטן זיך, בּ2. ,,דער כּוח

וואָס טרייַבט אָפּ דאָס פּסולת [פֿון דעם עסן]
און זייער א, און זייער וואוינונג [איז] אין
די צוויי גאַלן‟, חה, 274.

14. אײַנהאַלטן נאַטירלעכע באַדערפֿעניש.

,,מע טאָר ניט א', גיי אויף דרויסן‟.)בּ,
יד/ב פֿאַרטײַטשט אַזוי: עצר [אויך אין אַנדערע
פֿאַלן קומט אין שב א', ניט אײַנהאַלטן,
אָפּהאַלטן, למשל דאָרטן כה/א: ,,און זאַל דיך
ניט אויף הלטן דער רעגין‟ — ,ולא יעצרך
הגשם'].

אויפֿהאַלטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זײַן
אַ געוויסע צײַט אויף איין אָרט. זיך א, אין
ווילנע עטלעכע טעג (אַ פּאָר יאָר — אָבער
באַטײַט ניט אַז עס איז דאָס שטענדיקע
וואוינאָרט). ,,אין וואָסער אַכסניא האַלט איר זיך
אויף?‟. ,,און, האָט זיך ניט לענגיר לשם קענין
אויף האלטין, אַלזו ער להמבורג גיקומין,,, גה,
171. ,,אדיף דען פֿעלד און, מדבריות דאָרטין
האלטין זיך אויף דיא קליפּות און, רוחות
רעות‟, נצ1 לא/ב. ,,דעם שד וואָס האַלט זיך
אויף אונטער די לעטאַקעס פֿון אַ פּוסטער
מיל‟, ייִל, קמ, 1867, No 41.

2. שטענדיק וואוינען, לעבן אין אַן אָרט,
בײַ עמעצן. ,,שמואליק דער יתום...וואָס

אויפֿגעהאַלטן האָט ער זיך בײַם רבֿ", שע, פֿונעס יאַריד. „אַנדערע האָבן זיך...אויפֿגעהאַלטן אין די וועלדער, אין פֿאַרהוילענע הײַזלעך, וואָס אליהו הנבֿיא איז געקומען בײַנאַכט און געלערנט מיט זיי תּורה", אַש, תּהילים־ייִד.
„איזט דאַר מיט גיצאגין להנוביר אונ, זיך... אויף גיהאלטין אונ, וואָלין איין שידוך טון„, גה, 80.

3. בלײַבן בײַ איין פּונקט (פּרט), מאריך זײַן. זיך א, בײַם דערציילן וועגן דער בתמלכּה. „דאז אכטי קינד איזט אייער ליבּר גיטרייאר פֿאטיר זצ"ל גיוועזין, וויל מיך היר ניט פֿיל פֿון אים אויף האַלטין", גה, 67.
„אונ, פֿאַר איין גאנצי וואָרהייט איך דאז זאָג איך מיך ניט לענגר אויף האַלטן מאג", ספֿר משליט, פֿפֿדמ 1686.

4. אײַנהאַלטן זיך [אין 20. יה נ□]. „אונ, אַז בלד אַז זי דר זאַך זיין גוט גישטאלטן, דא קונט זי זיך ניט מען [= מיין, מער] אויף האַלטן", בבא־בוך, 631. „ער זיך זעלט אויף האַלטן צו וויינען", לט 1, 2/65. „דר זיך אויף האַלט זײַן צורך צו טאָן דער טוט איין עבֿירה„, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ג/ב. „אַבֿרהם האָט זיך ניט קענען א, צו לאַכן", צור, לך־לך. „די

דאַמע קען זיך ניט א, און הייבּט אָן צו לאַכן“, פֿאַוויר, ספּורי הפּלאות, וואַרשע 1844. ,,אויבּ ער קען זיך ניט א', זאָל ער אַרײַנשפּײַען אין אַ פֿאַטשיילע“, ספֿר היראה, 1877.

אויפֿהאַלטעוודיק

5. אָפּהאַלטן זיך פֿון טאָן עפּעס (וואָס מע דאַרף ניט, וואָס איז שלעכט, איז אַן עבֿירה). ,,דיין הייליקער נאַמען איז לאַנצום צו דערצערנען און האַסט דיך אויפֿגעהאַלטן צו פֿאַרגעלטן איר בּייזהייט“, תּחנות ובקשות [איבּערדרוק פֿון דירנפֿורט 1798] ווילנע 1858, לז/בּ. ,,תּלמידי חכמים וואָס האַלטן זיך אויף אַ גאַנצע וואָך, זיי זאָלן זיך ניט מזווג זײַן מיט קיין אשה...“, נוצ2. ,,זאָגט די נשמה: ווי זאָל איך דיך לאָזן אויפֿהערן שטראָפֿן און ווי קען איך זיך א'“, ישרי לבֿ, ווילנע 1867, □ ;ט/א. ,,האָט זיך דער עולם נישט געקענט א,...איז אים געגאַנגען מקבּל פּנים זײַן“, □ מ, 27 3 □ 18, No.

6. אָפּלייגן — אַרכ. ,,אלזו מויכטין מיר זיך...ניט לענגיר אויף האַלטין אונ, החתן לכאן לכלתו שיקין לראות ולהראות“, גה, 210.

אויפֿהאַלטעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אויפֿהאַלטן אַ לענגערע צײַט (און עס וועט ניט קאַליע). א'ע פּראָדוקטן.
אויפֿהאַלטעוודיקייט — די. מצ נבֿ. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿהאַלטעוודיק. דערגרייכן אַ העכערע א, פֿון פּראָדוקטן.
אויפֿהאַלטעכץ — דאָס (די), ־ן. אויפֿהאַלט(ונג), אויפֿהאַלטעניש.
אויסהאַלטעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿהאַלטן (זיך). די א, אין ניט־גינציקע באַדינגונגען. 2. אויפֿהאַלט ←.
אויסהאַלטער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס האַלט אויף. „און קיין שום א, קאָן זיי ניט אויפֿהאַלטן פֿון צו ליבן גאָט“, חה, ב. „זײַנען פֿאַראַן בעסערע א'ס פֿון בריקן איבער דורות און איבער קיבוצים?“, ימ, צוויי רעפֿעראַטן, 1954.
אויפֿהאַ(ל)מעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~געהאַ(ל)מעוועט. אײַנהאַלטן, פֿאַרהאַלטן מיטן אונטעררוקן אַ קלעצל, ברעטל אונטער אַ ראָד (רעדער). א, דעם וואָגן, ניט לאָזן אים זיך גליטשן באַרג־אַראָפּ.
אויפֿהא'לעס(ע)ן

לע ע)ן, ~ אָלאָ'־

~ , אוי (עס ־סע) ־עס —

געהאָלעס(ע)ט. פּפּ: ~האַ
סען. וורר. סל. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן
שרײַען אָדער וויינען אויף אַ הויכן קול. א, צום
טויב ווערן. טרוו — צונויפֿרופֿן מיט הויכע
קולות. „א, דעם דאַרף אויף א סכאָדקע"
[דאַרפֿס־פֿאַרזאַמלונג].

אויסהאַמערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿהאַמערן. די א, פֿון
מעטאַלשטיק.
אויפֿהאַמערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געהאַמערט. דזוו אויסהאַמערן (←) ביז צו דער
נייטיקער מדרגה, ביזן פֿולן פֿאַרענדיקן. א,
א סטאַטוע.
אויפֿהאַנדלען — טרוו. ־דל אויף, ~
געהאַנדלט. 1. אײַנקויפֿן, אויפֿקויפֿן.
צונויפֿ ויפֿן. א אַ מציאה. 2. קריגן רווח פֿון
,
האַנדלען. (איר בײַטעם) האַנדלען אַ גאַנצע
וואַך און ניט א, אויף שבת.
אויפֿהאַנדלען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.

דורכקומען צווישן זיך אין מסחר. א, זיך אויף
בּך־וכּך.

429

□

אויסהאַנדלעניש — דאָס (ד□), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון א□יפֿהאַנדלען (זיך).
אויפֿהאָפּען — אוטוו. ־פּע אויף, ~
געהאָפּעט. אויפֿשפּרינגען, אךיפֿטאַנצן (גיך, אויף
אַ ווילדן אופֿן). א, און זיך אַ לאָז טאָן אין
אַ קאַזאַצקע. [אַרכ: ~הופּפּן. „דער קויניג
בור ורײדן גלײַך אויף הופּפֿט און, זיצט זיך
צו פּפֿערד...“, בבא־בוך, 494.]

אויסהאָפּקען — אוטוו. האָפּקע אויף, ~ געהאָפּקעט. 1. אויפֿשפּרינגען. א, פֿאָר שׂמחה. א, אויפֿן טיש. 2. מיטאַמאָל אָנהייבן טאַנצן האָפּקענדיק. „זע נאָר ווי די אַלטיטשקע האָפּקעט אויף מיט אַ ברען“.

אויסהאָסן — אוטוו. האָף אויף, ~געהאָפֿט. פֿטמ. אָנהייבן האָפֿן; האָפֿן פֿונדאָסנײַ, ווידער האָפֿן. אין ביטערע צײַטן א, אדיף אַ ישועה וואָס זאָל קומען אומגעריכטערהייט.
אויסהאָצקען —. ־קע אויף, ~געהאָצקעט. אוטוו — אויפֿשפּרינגען. א, ביז דער סטעליע פֿאַר התפּעלות. טרוו — אויפֿטרייסלען, אויפֿשאָקלען. א אַלץ וואָס ליגט אין שיסל.
,

-
אויסהאַקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿהאַקן. די א, פֿון איַיז.
אויסהאַקן — טרוו. האַק אויף, ~געהאַקט.
1. אויפֿעפֿענען מיט אַ האַק. א, די טיר און
אַרײַנגיין. 2. דורכהאַקן. א, איַיז. „שבת ווען
מע האָט ניט קיין וואַסער צום וואַשן, מעג
מען א, דאָס איַיז כּדי מע זאָל האָבן
וואַסער", חא, לה/א. 3. אויפֿבּרעכן בּכלל.
„פֿלעגט אַרײַן דורך אַ קוימען...א, קאַסעס„,
אָפּא, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. 4.
אויפֿשנײַדן, אויפֿעפֿענען מיט אַ שאַרפֿן
אינסטרומענט. „געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מכּה
וואָס מע דאַרף א'", אָפּאַ, 'קוילנגרעבּערס'.
א אַ מכּה = אויך: קלאָר און אומאיידל.
,

ווײַזן וואו עס איז די צרה וואָס מע שטיקט
ז מיט איר.
י
אויסהאָקן — טרוו. האָק אויף, ~געהאָקט.
1. אויפֿהענגען, אויפֿטשעפּען אויף אַ האָקן. א,
דעם נאַסן מאַנטל. 2. אויפֿעפֿענען וואָס איז
פֿארבּונדן מיט אַ האָק.
אויסהאַקער — דער, ־ס. וונ נבֿ. 1. ווער
עס האַקט אויף. דער א, פֿון איַיז. 2.

אינסטרומענט אויפֿצוהאַקן. (למשל, בײַ
לעדעראויסארבעטונגען ווי דאמענטאשן, בײַטעלעך:
אַ לענגלעך שטיקל שטאָל, שפּיציק פֿון איין
זײַט און מיט אַ הענטל פֿון דער צווייטער,
אײַנצושפּאַלטן לעדער כּד אַרײַנצוטאָן
מעטאַי
לענע קלאַמערן, שלעסלעך אָדער באַפּוצווגען).
אויפֿהאָרבע(נע)ן — טרוו. ־בע אויף, ~
געהאָרבעט. (שנײַדערײַ) מאַכן עס זאָל
אויסזען ווי מיט א הויקער. א, אַ מאַרינאַרקע.
אויפֿהאָרבע(נע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אויסבייגן דעם רוקן, אויפֿהויקערן זיך. „די
ווײַסע קאַץ האָט זיך אויפֿגעהאָרבעט ווי אַ
קעמל“, נאד.

□

אויסהאַרטעווען □ טרוו. ־עווע אויף, ~
געהאַרטעוועט. מאַכן האַרט ביז דער נייטיקער
מדרגה. א, שטאָל.
אויפֿהאָרכן — האָרך אויף, ~געהאָרכט.
אוטוו — מיטאַמאָל (ווידער) אָנהייבן זיך
צוהערן. „און שטיל ווערט דערנאָך און דער

□

אויפֿהויכן

מדבר האָרכט אויף“, צײַט, מטטרון. „...האָט
פֿון זיך אַוועקגערוקט דעם טעלער,
אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אויפֿגעהאָרכט“, ייִט, טאָג,
16 I 1960. טרוו — אויסהערן ביז מע
דערהערט וואָס איז נייטיק. א, אַלץ מיטאַנאַנד.
„די בעטלערס האָבן דאָס פֿאַרשווינדל
געקעכלט און אויפֿגעהאָרכט וואָס ער וויל און
וואָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון זיי“, ייִט.

□

אויסהאָרכעניש — דאָס (ד □), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿהאָרכן.

□

אויסהאַרמאָנירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהאַרמאָנירן. די א,
פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן.
אויפֿהאַרמאָנירן — טרוו. ־ניר אויף, ~(גע)־
האַרמאָנירט. מאַכן עס זאָל (ווידער,
פֿונדאָסנײַ) צונויפֿשטימען אין קלאַנג, קאָליר
אע. א, די פֿאָרהאַנגען מיטן נײַעם מעבל.

אויסהאַרמידערן — אוטוו. ־דער אויף,
~געהאַרמידערט. שטאַרק אויפּטומלען.
מיטאַמאָל מאַכן אַ האַרמידער. א, אינמיטן דער
נאַכט.
אויסהאַרן — אוטוו. האַר אויף, ~געהאַרט.
אויפּוואַרטן, וואַרטן אַ ביסל. א, אויף אַ
ישועה.
אויסהאָרעווען — ־עווע אויף, ~
געהאָרעוועט. אָפּט מיט ז י ך. 1. דערגרייכן דורך
האָרעדוען, שווער אַרבעטן. א, זיך אַן אַפּותּיקי.
2. שאַפֿן עפּעס דורך האָרעווען. א אַן
אונטער,
נעמונג, אַ געשעפֿט אע. „איך האָב
אויפגעהאָרעוועט דעם פֿאַראיין און איצט וויל מען מיך
באַזײַטיקן„, רייד.
אויפּהובלען — טרוו. ־בל אויף, ~געהובלט.
אויך: ~הובלעווען. אָפּהובלען,
אויסהובלען ביז דער נייטיקער מדרגה. „די
ברעטער זײַנען ניט גענוג גלאַט. מע דאַרף זיי
צוהובלען און א'“.
אויפּהוד(ז)יען — אוטוו. ־ד(ז)יע אויף, ~
געהוד(ז)יעט. אוקר. וורר. אויך: ~הודזען, ~
הוזשען. מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסצוגעבן
נידעריקע, צעצויגענע קלאַנגען. די דראָטן וועלן

א, פֿון ווינט. „דער גודאָק (הודאָק) האָט אויפֿגעהודיעט פֿונקט זיבן אַזייגער“.

אויסהודען — טרוו. ־דע אויף, ~געהודעט. אויפֿהעצן; אויפֿבורען. א, דעם המון. “ דערמיט וויל מען א, דעם גלויבנסהאַס קעגן די דאָרטיקע ייִדן“, קמ, 1869, No 19.

אויסהוזשען — אוטוו. ־זשע אויף, ~ געהוזשעט. 1. דזוו אויפֿהודיען. 2. בכלל אויפֿטומלען, אָנהייבן אַ גערײדערײַ, שאַפֿן אַ הוזשערײַ.

אויסהויבן — ← אויפֿהייבן [← אויסהויבן וועגן דעם וי אין אינפֿיניטיוו].

אויסהוידען — טרוו. ־דע אויף, ~געהוידעט.
1. אויפֿהייבֿן אויף (מיט) אַ הוידע, א, דאָס קינד. 2. אויסוויגן אויף אַ הוידע.

אויםהויזירן — טרוו. ־זיר אויף, ~(גע) הויזירט. אינגאַנצן פֿאַרקויפֿן דורך הויזירן. א, דאָס גאַנצע פּעקל און זיך צוזעצן פֿאַררוען.
אויסהויך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהויכן. דער א, פֿון דאַמף.
-
אויסהויכן — טרוו. הויך אויף, ~געהויכט.

אוי[הוילן

אויפֿאָטעמען, אַרויפֿבלאָזן (לופֿט, פּאַרע). א, דעם פֿאַפּיראָסן־רויך צום סופֿיט.
אוי הוילן — אַדוו פֿראַזע. ניט אויסגעבֿעט, אויף דער נאַקעטער באַנק, אויף בֿרעטער (אָן אַ שטרויזאַק אָדער אַ קאָלדרע אונטן). “
געגעסן האָבֿ איך קדחת, געשלאָפֿן האָבֿ איך א, ה',

אויסגעשטאַנען קעלט, צאַד [= טשאַד], היץ...“, אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע תּרל“ח.

אויסהויסן — טרוו. הויף אויף, ~געהויפּט.

□

פּפּ: ~הויפּענען. 1. צונויפֿשאַרן, צונויפלייגן אין אַ קופּע. א, אַ באַרג עפּל. מלל פֿאַרטײַטשט 'אם יצבר כעפֿר כסף, (□ יוב, כז, 16): “אויף הויפֿן“, [תּי: אָנזאַמלען]. 2. צונויפֿנעמען אין איין פּונקט. א, אַלע טענות. 3. צונויפֿיאָגן, צונויפֿטרײַבן. מהמ, קנט/א פֿאַרטײַטשט 'ויגז, (במדבר, יא, 31): „איין ווינד איז גצוגן פֿון גאָט אונ, האָט אויף גיהויפּט פֿעגיל“.

□ □

אויסהוימן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו.

אָנקלײַבן זיך (ווי אין) אַ הויפֿן. “ס'האָט זיך אין האַרץ אים אַ תּאווה אויפֿגעהויפּט“, ממוט, יודל.

-

אויסהויקען — לר. דזוו אויפֿהאַווקען ←.

אויסהויקערן — טרוו. ־ער אויף, ~
גערויקערט. אָפּט מיט זיך. איינבייגן,
אויסבייגן, אויסקרימען, עס זאָל אויסזען ווי אַ
הויקער. א, די פּלייצע.
אויפֿהוליען — אוטוו. ־ליע אויף, ~געהוליעט.
פּלוצלינג, מיטאַמאָל, אָנהייבן הוליען. א, פֿאַר
גרויס פֿרייד. א, און זיך צעהוליען.

אויסהוסט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿהוסטן.
דער א, איז פֿון קעלישיק [פֿון טרינקען
בראַנפֿן].
אויסהוסטן — הוסט אויף, ~געהוסט. אויך:
~הוסן, פּר. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן
הוסטן. א, ווי פֿון אַ פֿאַרקילונג. „ער איז אַן
איידעלער גוואָרן: אַנשטאָט צו גרעפּסן —
הוסט ער אויף", רייד. טרוו — דורך הוסטן
אַרויפֿברענגען. א אַ ביינדל פֿון האַלדז.

,
אויסהוקען — ־קע אויף, ~געהוקעט. אוטוו
—1. מיטאַמאָל אַרויסגעבן אַ קלאַנג, ענלעך צו
הו. 2. אַרויפֿאָטעמען. א, אויף די
פֿאַרפֿראָרענע הענט. טרוו — צונויפֿרופֿן דורך הוקען.

א— די חבֿרה.

,

אויסהורבען — טרוו. ־בע אויף, ~ געהורבעט. צונויפֿשאַרן, צונויפֿשיטן אין אַ קופּע, בערגל. א, דעם אָפּגערוימטן שניי.

אויסהורבען זיך — ←דפֿוו. ווערן (אָנגעוואָרפֿן אין) אַ הורבע (קופּע, בערגל). דער שניי הורבעט זיך אויף.

אויפֿהידען — אוטוו, אומפּ. ־דעט אויף, ~געהידעט. אוקר. סל. אויפֿאיבלען,

אויפֿעקלען; שטאַרק מיאוסן זי עס הידעט מיך אויף פֿון די פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿל. עס קען

א, פֿון אַזעלכע מיאַוסע רייד.

אויסהיטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהיטן. א, פֿון טראַדיציעס.

אויסהיטן — טרוו. היט אויף, ~געהיט [וועגן ~געהיטן ← אויסהיטן]. 1. היטן ביז דער

נייטיקער מדרגה, ביזן גוטן רעזולטאַט. היטן און א, די קיגרער. 2. אײַנהאַלטו, ניט לאָזן גיין לאיבוד. א, דעם גראָשן, דאָס קערבל. א,

43()

פּראָדוקטן, זיי זאָלן ניט מכולה ווערן.
3. לאָזן אויף שפּעטער, באַהאַלטן. א, וואַרעניע אויף ווינטער. *א, דעם גראָשן = אויך: אײַנשפּאָרן. א, אין זכּרון = פֿאַרגעדענקען. "פֿאַרשרײַבט אין ספֿר הזכרונות וואָס עס איז געשען כּדי עס אויפֿצוהיטן פֿאַר די קומענדיקע דורות", שנ, דערציילערט און ראָמאַניסטן. 4. לאָזן אין דעם זעלביקן מצבֿ, מיט דעם זעלביקן פּיר. א, אַ מנהג. "די מאַמע האָט אָפּגעהיט כּשרות און איך היט אויף איר וועג אין לעבן", רייד. 5. האַלטן טײַער, געטרײַ אויפֿהאַלטן און פֿאַרטיידיקן עפּעס. א, צניעות. א, די פֿרײַהייט. „אָפּהיטן און א, די נאַציע הייסט דאָך אַז די נאַציאָנאַלע קולטור זאָל קענען...זיך מערן און צעברייטערן", י□ו, איינהייטלעכע פֿאָלקשול.

אויסהיטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
פֿאַרבלײַבן אין דעם זעלבֿיקן צושטאַנד. *(גוט) א,
זיך = ווערן עלטער און זיך ניט עלטערן;
אויסזען ייִנגער, האָבן ייִנגערע כּוחות.
2. ניט קאַליע ווערן. די געפּרעגלטע פֿלוימען
האָבן זיך גוט אויפֿגעהיט.

-

אויסהיטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿהיטן. ־טעכץ.

אויסהיטער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס היט אויף. די א'ין פֿון הייליקן פֿײַער. די
א'ס פֿון גוטס.

-

אויסהייב — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿהייבן. דער א, פֿון באָדן
פֿאַק— „ .

טאָרן צום א, פֿון מענטשנס חשיבֿות", א.
גאָרדין פֿאַש, 2 .14 ▯ 1953 III. אויפֿשטײַג. ל2.
,

-

אויסהייבונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהייבן. 2. טוו פֿאַר 'תנופֿה, [טייל פֿון ריטואַל בײַם ברענגען אַ קרבן אין בית־המקדש]. באר משה אאַ, אויך תּי פֿאַרטײַטשן אַזוי: ,,אַן א, פֿאַר גאָט", שמות, כט, 24; אויך ויקרא, ז, 30, 34 אאַ.

-

אוימהייבן — טרוו. הייב אויף, ~געהויבן.
1. הייבן אויף אַרויף, אַרויפֿצו; אַרויפֿנעמען פֿון דער נידער אין דער הייך. ,,אַראָפּגעוואָרפֿן אַ קישן און אויפֿגעהויבן אַ פֿעדער", שוו.
,,א אַ פֿעדער און לאָזן פֿאַלן דאָס גאַנצע
אי',
בערבעט", שוו [= זיך לאָזן נאָך אַ קלייניקייט און דערבײַ פֿאַרזען, פֿאַרלירן דעם עיקר,

טײַערע זאַכן]. „אַז ער האָט באַדאַרפֿט א, עפּעס
אַ זאַך...האָט ער געהייסן זײַן קנעכט, אַז ער
זאָל עס אים א'“, נחב, ▯מעשׂה מבּן מלך ובן
שפֿחה'. „ווען ראובֿן האָט אויפֿגעהויבּן די
קלייד [בּײַם געפֿינען צוזאַמען מיט אַ צווייטן],
האָט ער געטראַכט אַז איין העלפֿט הייבּט ער
אויף פֿאַר זיך און די אַנדערע העלפֿט הייבּט
ער אויף פֿאַר שמעון„„ שבֿילי המלמדים,
בבֿאמציעא, ג/ב.
*א, די אויגן = א) אָנהייבּן קוקן; בּ) קוקן
גלײַך אין פּנים אַרײַן; ג) ווערן בּײַ זיך
זיכערער. „אַל▯..פֿון כתרילעווקע האָבּן זיך
אָפּגעשטעלט... אויפֿגעהויבּן די אויגן און
גענומען זוכן אַן אָרט פֿאַרן אַלטן“, שע,
אַלטנײַ כתרילעווקע. „ער שעמט זיך אויפֿצוהייבּן
די אויגן, ער קען מיר ניט קוקן גלײַך אין
פּנים אַרײַן“. „אַז איך בּין געוואָרן בּעל־הבּית

-

אויפּהייבּן

פֿאַר זיך, האָבּ איך אויפֿגעהויבּן די אויגן“,
רייד. *א, די אויגן (אַרויף) = אויך: צום
הימל, צו גאָט (מיט תּפֿילה, בּקשה). “

אָנגעקוקט שאַרף דאָס ווײַב, די טאָכטער וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים און מיט אַ זיפֿץ אַריפּגעהויבן די אויגן אַרויף", ממוט, שלמה. "הייבט אויף אײַערע אויגן צום הימל און זעט ווער עס האָט באַשאַפֿן די זאַכן", חה, 109. „זיי הייבן אויף נאָר צו דיר זייערע אויגן", מחזור, חלק שני, מוסף ליו„כ, פּפּמ 1885.

*א, די האַנט = א) זיך פֿאַרמעסטן צו שלאָגן; אָנהייבן שלאָגן. „זייער און זייער זאָלט איר נזהר זײַן חלילה קיין האַנט אויפֿצוהייבן אויף וועמען, הן אויף אַ מאַנספֿאַרשוין, און הן אויף אַ ווײַבספאַרשוין", אמד, איבז, ר, אַבֿרהם דאַנציג, בית אַברהס, ווילנע 1865. ב) ווײַזן אַז מע ווייסט, מע וויל עפּעס זאָגן, טאָן (אין אַ קלאַסצימער בײַם לערנען); בעטן אַ וואָרט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג; זיך באַטייליקן אין אַן אָפּשטימונג. א, די האַנט פֿאַר אָדער קעגן עפּעס אָדער עמעצן (בײַם אויסקלײַבן). *א, די הענט = זיך אונטערגעבן, ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. *א, די הענט צו גאָט = דאַנקען אַז מען איז אַרויס פֿון אַ צרה; מתפּלל זײַן.

*א, די פֿיס = נעמען לויפֿן, גיך גיין. „יוסף

הייבט אויף זײַנע פֿיס צו גיין נאָך דותן",
א. פֿאַוויר, גדולת יוסף. *א, די פֿיס אויף די פּלייצעס = אַנטלויפֿן.
*א, דעם קאָפּ = אויך: א) ווערן בײַ זיך זיכערער, פֿעסטער; ב) אויפֿגעריכט ווערן פֿון אָרעמקייט; ג) בכלל שטײַגן אין חשיבֿות.
*ניט לאָזן אַ (דעם) קאָפּ א, = ניט לאָזן אָפּאָטעמען פֿרײַ, ניט לאָזן זײַן זעלבשטענדיק, שטײַגן סאָציאַל; ניט לאָזן האָבן אַ דעה. „אַז זי זאָל לעבן לאָזט ניט א, דעם קאָפּ, קומט אויס אויפֿצוהייבן די האַנט" פֿוול. „כּל המיני

קהלס־פֿאַרזאָרגער און בעלי־טובֿות פֿלעגן אויף [דעם בעל־מלאָכה] רײַטן און אים נישט לאָזן דעם קאָפּ א'", ממוט, שלמה.
[די אַלע אויסדרוקן מיט גלידער פֿון מענטשלעכן גוף היטן אויף אויך זייער לכתחילהדיקן באַטײַט. דער דאָקטער הייסט א, די אויגן, די האַנט אאַזוו. זיך אַוועקזעצן און א אַ פֿוס.

א, די האַנט און דערגרייכן ביז צו דער אייבערשטער פּאָליצע, אאזוו. „דאָ בין איך אויש דען וואגין גישפּרונגן אונ, האב גימיינט...
ער שלאָפֿט, אונ, האָב אים דען קאַפּ אויף

גיהובין דא איז ער טוט גיוועזין“, ,,שו,,ת מהר“ם מלובלין', ווענעציע 1618 [הש I].

*א, די פּאַטשיילע = בּאַדינען, שפּילן די ראָלע פֿון אַ משרת. ,,אַמאָליקע שיינע קאַרפּנקעפּ זענען גרייט אויפֿצוהייבן די פּאַטשיילע פֿון די נײַע גבֿירים“, ייִט, פוילן I□ו.

*א, דעם שטעקן = זיך פֿאַרמעסטן צו שלאָגן מיטן שטעקן. אַזוי אויך: א, דעם בּעזעם, צי קאָטשערע אאַ (מיט וואָס נאָר מע קען שלאָגן). ,,פֿלעג איך אויף זיי א, מײַן שטעקן...פֿלעגן זיי פֿאַר מיר אַנטלויפֿן,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

*א אַ טויטן (אַ מת, דעם נפֿטר) = אַראָפּ,

-

אויפהייבּן

הייבּן אים פֿון בּעט (געלעגער) און אַוועקלייגן אויפֿן דיל. ← אויך בּ 5.

2. אויפֿשטעלן עמעצן פֿון אַ ליגנדיקער פּאָזיציע אָדער נאָך אַ פֿאָלן. ,,עס איז גרינגער אויפֿצוהייבן אַ שיכּור פֿון דער ערד איידער אַ געשעפֿט“, שוו (←. בּ7). ,,בּעסיר

איז תּמיד צווייא אירע פֿון איינם...ווען זיי
פֿאַלן...אזוֹ קען איינר דעם אנדרן אוֹף הייבֿן,,,
מס, קהלת תּקע״ט, ד, 9־־.—10.
3. האַלטן אין דער הייד. ,,האָט ער...די
פֿאַטשיילע...אויפֿגעהויבֿן אַקעגן דער זון,
האָט ער איבֿערגעלייענט וואָס דאָרט איז
געשטאַנען״, נחבֿ, 'מעשׂה מאבֿידת בּת־מלכּה'.
,,און, הייבֿט דיא ספֿר תּורה אויף [בּײַ הגבּ]
און, ווײַזט אידרמן דש כּתבֿ און, דש קהל זאָגט
'וזאת הבּרכה',,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723,
ה/בּ. ,,דר נאָך היבֿ אויף דאש בּעקין און, זאָג
'כּהא לחמא עניא, אויז״, ה II. ←
אויפֿהייבֿונג בּ2. ,,א, אים (עס) אַן אויפֿהייבֿונג פֿאַר
(צו) גאָט״.
4. פֿאַרשאַרצן אַרויפֿשאַרצן; אַרויפֿציִען.
.
א, די פֿאָלע, דאָס קליידל. א, דעם פֿאָרהאַנג,
דעם שלייער. *א, דעם פֿאָרהאַנג = אויך
ווײַזן דעם אמת, אַנטפּלעקן אַ סוד. *א, דעם
שלייער = דאָס זעלבֿיקע.
5. מאַכן עס זאָל אַרויסקומען הויך,
העכער. *א, דאָס קול, די שטים = אָנהייבֿן
שרײַען אָדער רעדן (קלאָגן) אַ סך העכער,

אויך סתּם רעדן. א, אַ קול פֿון געזאַנג (פֿון תּפֿילה). „טושטו דיין שטים אויף היבּן דיין חבֿר נאָך צו ווייאנין...„„ עיון, 1/23. „דערום, ליבּע מוטער, הייבּ אויף דײַן שטים מיט געוויין און געבּעט צו אונדזער באַשעפֿער“,

א פֿאַ◌יר, גדולת יוסף. *א, דאָס קול (די שטים) קעגן עמעצן = אָנהייבּן פּראָטעסטירן.
*א, אַ געשריי; *א, אַ גוואַלד. „זײַנען געקומען אָנצולויפֿן די אַלטע בּרוקאַרזשעס און אויפֿגעהויבּן אַ גוואַלד: 'אונדזער בּרויט נעמט איר צו!,“, דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער.
*א, דעם דאַך = אַזוי שטאַרק שרײַען, טומלען אַזש דער דאַך הייבּט זיך. *א, אַ טויטן = אַזוי שטאַרק טומלען אַז אַ טויטער זאָל ווערן וואַך. *א, נאַ הוראַ = שטאַרק אָפּלאַכן, אָפּחוזקן (מיט פֿאַרשיידענע אָנשטעלן ווי יענער וואָלט געווען אַ העלד).
6. מאַכן גרויס, אויסלויבּן; דערהייבּן. א, עמעצן און אים לויבּן. „אַז ער וויל הייבּט ער אים אויף און אַז ער וויל וואַרפֿט ער אים אַראָפּ“ פֿוול. „זי האָט אים גערופֿן צו זיך,

,

פֿאַרהאַלטן זיך צו אים ווי צו אירס אַ גלײַכן אים אויפֿגעהויבּן איבּער זיך“, אַפּאַ, אַ סוד,..

,

7 פֿאַרבעסערן, ברענגען צו אַ העכערער

.

מדרגה. אויפֿהייבן אַ געשעפֿט. א, דעם גאַנצן מעמד, מצבֿ. „אונדזער גוטער גאָט האָט זיך אויף מיר מרחם געווען, און האָט אויפֿגעהויבן מײַן מזל“, אלצ, תּוכחת חיים. „א, דעם קרן התּורה“, לדבֿ. *א, אין גראַד (אין מדרגה) = א) פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ; ב) מאַט. מאַכן אַז דער גראַדווײַזער זאָל זײַן אַ גרעסערער [למשל פֿון X2 אַריבערפֿירן צו X4].

*א, דאָס האַרץ = א) בעסער מאַכן. „מע קען די האַרץ ניט א„ קיינמאָל [ניט

נאָכצו431

געבן זיך אין דער וועלט“ [= אין וועלטזאַכן, דה ניט צו באַגערן], פּוקח עורים, שקלאָוו 1832, אות י“א; ב) אָנפֿילן עס מיט עזות, ערגער מאַכן. „אַ בעל־תּשובֿה דאַרף...ניט א, די האַרץ צו רעדן פֿיל דבֿרים בטלים“, דאָרטן, אות.י“ב. *א, עמעצן = אים אַרײַנברענגען אין אַ בעסערער שטימונג פֿריילעך מאָכן. „די

,

בלאַזענעס האָבן זיך געשטעלט דעם רבי עפּעס
א', אַזוי ווי ס'איז מחויבֿ צו זײַן", 'גדולת ר,
וואָלף, [יפּ].

8. מאַכן טײַערער, הייבן אין פּרײַז. „דער לאָמער יוחנן און יונה סגי־נהור האָבן אויפֿגעהויבן דעם מקח [פֿון עליות]", פּרץ. „אָט די...האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן די אַקציעס פֿונעם געלן ייִדן", שע, בלאָנדזענדע שטערן.

9. העלפֿן, שטעלן אויף די פֿיס. א, אַ קרובֿ אין נויט. [פֿרגל בּ2].

()1. אַרויסקומען מיט אַן ענין. אָנרירן אַ נײַעם ענין (און בּרענגען צו אַ וויכּוח). א, אַ פֿראַגע, אַ נײַע פּראָבלעם.

11. בּרענגען דערצו אַז עפּעס זאָל זיך אָנהייבן; אַרויסרופֿן. א, אַ טומל, אַ גערײדערײַ, אַ געשלעג. א, אַ רכילות, אַ מחלוקת. א, אַ משפּט. "כאָטש ער איז אַ נאַר, זאָל ער כאָטש ניט א, שאַנד...", תּניא, 560. *א אַ
,
ווינט = מאַכן אַ גרויסן אָנשטעל; טאָן מכּלומרשט וויכטיקס. *א, אַ בּית־דין = אַוועקזעצן אַ בּית־דין. אַרכ. „מן זאַל קיין בּית דין אויף הייבן, אם לא בּרשות רובֿ רא▯ים וטובֿים", תּקק.

12. באַהאַלטן, אויפֿהיטן. אַרכ. „'ויאמר אלקים יהי אור, — עס זאָל זיין איין ליכט בעולם הזה. אבר ,ויהי אור, — דאָס גרושה ליכט איז אויף גיהובן גיווארין לעולם הבא“, נצ1, ג/ד. „דר אים זיין נשמה האָט ווידר גיגעבן, דיא ער אים האָט אויף צו היבן גיגעבן איבר נאַכט, אונ ער ביקומט זיא א פֿיל בעשר אַז דיא ער זיא אויף צו היבן האָט גיגעבן“, לט1, l/6. „רבי יודא אונ, רבי יוסי...גאבן אירן ביַיטל אים יוא אויף צו היבן איבר שבת“, מב, מעשׂה פה.

13. אַוועקנעמען, אָפּשאַפֿן פֿאַרכאַפּן. אַרכ.

,

„דר שאליט [= טשאָלנט] מאג זיין גרוש אַדר קליין, דיא העלפֿט מוז פֿון טיש אויף גהובן זיין“, אַשכנז [פֿש III]. „האָט נאָר געטשאַטעוועט...א, דעם רבי מיט...דעם גאַנצן געלט“, 'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ]. “ווען דער מענטש הייבט אויף זיַין פֿאַרקרימונג...איז השי“ת עובֿר על פֿשע“, מאמר ראָש־השנה, נ“י, תּ“ש. „...קאָן נאָר געהאָלפֿן ווערן, ווען מאַן די קראַנקייט אויפֿהייבט“, עמוד היראה, אונגוואַר 1867.

14. אויפֿמאָנען, אויפֿזאַמלען, צונויפֿקליַיבן. אַרכ. „בחנוכה זאַל קיין עני אום גיין, נייארט

דיא גבאים שיקן די רבנים דיא דא אויף הייבן אויף אלי עניים,,, תקק. ,,ווען מן פאַר איינם עני אוב גיט אונ מן היבט אים געלט אויף...", לט1, 1/47. ,,עש איז אין משל צו איינם מלך דער דא האָט מס אויף צו הייבן פון זיינם לאַנד שאַפט אונ, קומט מיט איינים גרושן היל דש מס אויף צו היבן,,, ספר המנהגים, אַמשט 1723, לה/א. ,,הקב"ה האָט

-

אויפהייבן זיך

אַצונדערט געפונען אַן אָרט אויפצוהייבן
זײַנע חובות פון די עבירות וואָס מיר האָבן געטאָן", צור, מקץ.
15. אָפּלייגן. אַרכ. ,,...זייט איר גיוועזין אין זײַן רשות, אבר איצונד זייט איר ניט אין זײַן רשות. אבר איך היב דאש אויף [אין נצ2, זשיטאָמירער אויסגאַבע: "לייג דאָס אָפּ"] אויף איין זמן אחר,,, נצ1, מז/ג.
אויפהייבן זיך — ← דפוו. 1. בײַטן זיך אין דער פּאָזיציע פון נידעריק אויף העכער. אַ האַנט, אַ קאָפּ הייבט זיך אויף. ,,די אייביק אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן זיך לאַנגזאַם

אויפֿגעהויבן“, פּרץ, 'אַראָפּגעלאָזטע אויגן'.
2. אַוועקשטעלן זיך פֿון אַ ליגנדיקער אָדער זיצנדיקער פּאָזיציע. א, זיך פֿון דער ערד, פֿון געלעגער. „יענער האָט, אויפֿהייבנדיק זיך פֿון אָרט, אָנגעשפּאַרט בײדע הענט...אויפֿן שטענדער“, ממוס, ווינטשפֿ. „אַזוי האָט [ער] זיך באַלד אויפֿגעהויבן פֿון זײַן באַנק“, נס, משפּחה מאַשבער.
3. אַוועקזעצן זיך (ווען מען איז פֿריִער געלעגן). א, זיך פֿון שלאָפֿבאַנק און אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין וואַנט. א, זיך און טרינקען קאַווע אין בעט. 4. אויפֿשטיין פֿון שלאָף. א, זיך מיט זונאויפֿגאַנג. „הייב זיך אויף אינדערפֿרי, זאָג 'מודה אני', מעלק אויס די קי — און שפּאַר זיך אַ ביסל צי“, פֿוול אָדער פֿל אין אוקר, מג. 5. אויפֿשטיין פֿון אַ קראַנקייט. א, זיך פֿון (נאָך) אַ טיפֿוס. קללה: „נישט דערלעבן זאָל ער א, זיך!„.
6. אויפֿשטיין קעגן עמעצן, שטעלן זיך אין ווידערשטאַנד, אָנהייבן קאַמף. א, זיך קעגן שׂונא. א, זיך פֿאַר פֿרײַהייט.
7 פֿאַרלאָזן אָרט וואו מע געפֿינט זיך. א,
.
זיך פֿון דעם קליינעם שטעטל און אַוועקפֿאָרן

קיין אַמעריקע. ,,לענגיר וויל אי[ך] זעלבּר ניט אַן דיר אונ, דיא קינדיר זײַן. זאָ וויל איך מיך אויף הייבּין אונ, וויל היים צו דיר ציהין", פּראָגבּ, 3. ,,האָבּן זיי זיך אויפֿגעהויבּן און זענען אַליין געפֿאָרן צו זיי און האָבּן ניט געפֿונען איינע פֿון זייערע טעכטער", נחבּ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'.

8. (אָנהייבּן) פֿליִען; שטײַגן הויך איך־דערלופֿטן. זיך א, ווי אַן אָדלער. דער עראָפּלאַן וועט זיך בּאַלד א, איבּער די וואָלקנס. ,,...כאַפּט אַ שפּאַרבּער אַוועק אירס אַ קינד און הייבּט זיך דערמיט אויף הויך אין לופֿטן", ממוס, קליאַטשע. "טוסט אַ טו אויס זיך...פֿון גאַנצן דעם גשמיות אויך, און הייבּסט זיך אויף העכער פֿון העכער", אשט, ושלים 9 .I. זיך צעוואַקסן. זע ווי דער בּוים האָט זיך אויפֿגעהויבּן אין דרײַ יאָר צײַט! ,,נאָך בּר־מצווה האָט דאָס בּחורל זיך אויפֿגעהויבּן קיין עין־הרע, ער וועט בּאַלד איבּערוואַקסן דעם טאַטן", רייד.

10. קומען, דערהייבּן זיך צו אַ בּעסערער מערכה, העכערער מדרגה; בּעסער ווערן* ,,הײַנט אַז דאָס מזל האָט זיך אים שוין אויפֿגעהויבּן, און דאָס מזל מאַכט קלוג, האָט

ער שוין געקראָגן אַ ביסל פֿאַרשטאַנד", נחבֿ,
'מעשׂה בחכם ותּם'. ,,עס קען נאָך גראָד
הײַנטיקע נאַכט זיך שטעלן אַ וועג, און דער מסחר

אויפֿהייבעכ ן

זאָל זיךווידער א'", קמ, 11 .2 1870, No.
געהאָלפֿן ווערן; אויפֿגעריכט ווערן פֿון
געפֿאַלנקייט פֿאַלן פֿאַלט מען אַליין, אָבער
אויפֿצו. ,,
הייבן זיך דאַרף מען די האַנט פֿון אַ גוטן
פֿרײַנד", שוו [ווש מיטן בּ2]. ,,עס איז אַפֿילו
ניט צו גלייבן, אַ מענטש זאָל זיך פֿלוצלעם
א'. וואו האָט ער גענומען די מטבּע?", אבג,
דעקטוף, וואַרשע 1876.
12. זיך אָנהייבן, אויפֿקומען, אויפֿשאַפֿן
זיך. עס הייבט זיך אויף אַ טומל, אַ געשריי
אע; אַ מחלוקת, אַ קריגערײַ אע. עס הייבט
זיך אויף אַ רעוואָלוציע, אַן אויפֿשטאַנד אע.
,,עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעמווינט,,,
ממוס, קליאַטשע. ,,אַז הולטייאוס הייבן זיך
אויף מוז מען זיכן איין מענטשן,,, מס, משלי
תּקע"ד, כח, 11.

אויפֿהייבעכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהייבן זיך (אויך
מיט איר בײַטעם). אויפֿשטײַג.
אויסהייבעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿהייבן (זיך). „ניטאָ קיין אַנדערע כּיבודים פֿאַר
ייִדן...נישטאָ קיין אַרויפֿשטײַגענישן, קיין א'ן,
קיין מעדאַלן...“, שע, אידישע שרײַבער.
אויסהייטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿהײַטערן (זיך).
אויסהייטערן — טרוו. ־ער אויף, ~

גע

הײַטערט. אויך מיט ז י ך. אויפֿמונטערן,
אויפֿשטאַרקן. א, די שטימונג. „די אויסזיכט
אַרויס [פֿון שפּיטאָל־צימער] איז אין אַ גאָרטן
אַרײַן...דאָס אַליין הײַטערט אים אויף, איז
א מחיה“, צעד.

אויסהייכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון מאַכן העכער, דערהייבן (זיך).

אַן א, אין מיטן וועג. די א, צו אַ בעסערן פּאָסטן.

אויסהייכן — טרוו. הייך אויף, ~געהייכט.
אדיך מיט ז י ך. 1. מאַכן עס זאָל זײַן
העכער. א, דאָס בערגל שטיינער. 2.
אויפֿהייבן, דערהייבן. א, אַן אומבאמערקטן, מאַכן
אים פֿאַר אַ גדול. נפֿרגל: אויפֿהויכן].
אויפֿהייליקן — טרוו. ־יק אויף, ~
געהייליקט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) מאַכן
הייליק. א, עמעצן, מאַכן אים פֿאַר אַ געטשקע.
אויפֿהיילן — טרוו. הייל אויף, ~געהיילט.
אינגאַנצן געזונט מאַכן. א אַ מסוכּנעם חולה,
,
שטעלן אים אויף די פֿיס.
אויפֿהײַלן — אוטוו. הײַל אויף, ~געהײַלט.
-
פֿלוצלינג אָנהייבן הײַלן, וואַיען (וועגן הינט,
שאַקאַלן). א, פֿאַר ווייטיק. א, ווי אַ
פֿאַרוואונדעטע חיה.
אויפֿהייפֿלען — טרוו. ־פֿל אויף, ~

געהײַפֿלט. צינויפֿלייגן, צונייפֿנעמען

הײַפֿלעכווײַז, בּיסלעכווײַז. א, זאַכן אין א בּאַרג. מיט ז י ך = ווערן אַ הײַפֿל, בּערגל. "אַ גאַנצע קופּע מיסט האָט זיך אויפֿגעהײַפֿלט פֿאַר דער טיר,,.

אויסהייצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזרלט וט פֿ־ן אייפֿהייצן. די א, פֿון קעסל.

אויסהייצן — טרוו. הייץ אויף, ~געהייצט. ארנטערה יצן, מאַכן פֿײַער; הייצן בּיז דער נייטיקער מדרגה. א, דעם אויוון. א, די בּאַך.

אויפֿהייצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אָנצינדן זיך אָדער פֿאַרבּרענט ווערן. דאָס האָלץ קען זיך א, פֿון די פֿונקען וואָס פֿליִען אַרום. 2. ווערן זייער אויפֿגערעגט און שטאַרק

רעאַגירן; אויפֿקאָכן זיך. א, זיך און זיך וואַרפֿן שלאָגן.

אויפֿהילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהילן.

אויפֿהילך — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿהילכן. אַ פּלוצעמדיקער א'.

אויפֿהילכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהילכן. די א, פֿון דער קאַנאָנאַדע.

אויפֿהילכן — אוטוו. הילך אויף, ~געהילכט. מיטאַמאָל אַרויסקומען מיט שטאַרקע קלאַנגען וואָס צעטראָגן זיך איבער אַ ברייטן שטח. אַ פֿריילעכער געלעכטער הילכט אויף. „אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט הילכן אויף שאָסן און אויפֿרײַסן פֿון גראַנאַטן“.

אויפֿהילן — טרוו. היל אויף, ~געהילט. אויפֿדעקן, אָפּדעקן, אַראָפּנעמען אַ הילע. א, אַ מצבֿה = דזוו אויפֿדעקן ←. א, דעם פֿאָרהאַנג פֿון די געשעענישן, אַלע זאָלן וויסן.

אויפֿהילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. „די וואוואַלן האָבן זיך אויפֿגעהילט בײַם טאַנצן“.

אוי□ הינטער — אַדוו (פֿראַזע). אויף צוריק, הינטערווײַלעכס. זיך אומקוקן א, ה'. „גיי ניט א, ה', וועסט פֿאַלן!“. „יעדערער פֿון זיי

פֿון גאווה אַזש א, ה, אויסגעבייגט“, בראָד,
באַגײַטטערונג.

-

אויסהינקען — אוטוו. הינק אויף, ~
געהונקען (זן אויך: ~געהינקט). מיטאַמאָל
אָנהייבן הינקען. ‘‘דער שטיין האָט געטראָפֿן און
דער כּלבֿ האָט אויפֿגעהונקען‘‘.

אויסהיצן — טרוו. היץ אויף, ~געהיצט.
1. צוגעבן היץ (בּיז דער נייטיקער מאָס).
א, דאָס בראָט־אייוועלע. 2. דזוו אויפֿהעצן←.
א, עמעצן, מאַכן אים מלא גזלן.

-

אויסהיצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
שטאַרק אויפֿגערעגט, אויפֿגעקאָכט. א, זיך
און זיך צעשרײַען מיט באַנומענע קולות. א,
זיך חיות ניט זיכער.

אויסהיקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געהיקעט.

פֿלוצלינג, מיטאַמאָל אָנהייבן היקען. א, אויף די פֿערד, דערלאַנגען זיי (מיט) אַ בײַטש.

אויפֿהירזשען — אוטוו. ־זשע אויף, ~ געהירזשעט. פּלוצלינג, מיטאַמאָל אָנהייבן הויך צו הירזשען. דאָס פֿערד האָט זיך צעפּאָלאָשעט און אויפֿגעהירזשעט.

אויפֿהעבלעווען — דזוו אויפֿהובלען ←.

⃞

אויסהעכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהעכערן. די א, פֿון די פֿרײַזן.

⃞

אויסהעכערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געהעכערט. 1. מאַכן העכער. א, דעם פּלויט. 2. מאַכן טײַערער. א, די מקחים.

⃞

אויסהעכערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

קומען צו אַ העכערער מדרגה. א, זיך פֿון אַ
נידעריקן באַאַמטן ביז צום פֿירער פֿון
אָפּטייל.
אויפֿהעלן — העל אויף, ~געהעלט. אוטוו

-

אויפּהענגען

— אויפֿשײַנען מיט אַ קלאָר ליכט. „עס ווערט
פֿינצטערער, די צעוואָרפֿענע לאַמטערנס העלן
אויף“, אָפּאַ, 'מלכּהלע'. „...געזונטער ייִדישער
פֿונק וועלכער וויל צוריק אין אַ פֿלאַם א'“,
שטריגלער. טרוו — אויפֿקלאָרן, קלאָר,
ליכטיק מאַכן. „דער אויסגעפֿרעגטער...האָט ניט

אויפֿגעהעלט גאָרניט פֿון דער פֿאַרנעפּלטקייט“, ש. ביקל, טמז, 22 1954 I.

אויף העלפֿט — אַדוו פֿראַזע. אויף צוויי גלײַכע טיילן, אויף האַלב ←. (איינ)טיילן אויף העלפֿט, איין טייל געבן... *העלפֿט אויף העלפֿט = אויף צוויי אינגאַנצן גלײַכע חלקים. זיך טיילן מיטן ברויט (מיט דער ירושה) ה, א, ה,.

אויפֿהעלפֿן — טרוו. העלף אויף, ~געהאָלפֿן. 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג העלפֿן (ביז דער נייטיקער מדרגה). „...ווייל אונז הש״י שמו הוט יוא זוילכי נסים גיטון אונ, דיר ת״ל [= תודה לא] אויף גיהולפֿן“, פּראָגב, 10. „נון, גאָט איז דר ברמיק און ביגערט דעם מענשן ווידר אויף העלפֿן„, לט1, 1/149. 2. העלפֿן צו ביסלעך, צײַטנווײַז. „[די חבֿרה] העלפֿט אויף מענטשן וואָס האָבן ניט קיין געלט, זיי זאָלן ניט פֿאַרלירן דאָס גרעסטע קאַפּיטאַל — די בושה“, ארז, קמ, 4 1865, No. „אַ מעגלעכקייט יענעם אויפֿצוהעלפֿן אויף בכּבֿודיקער אַרט“, דאָרמן.

אויסהענגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿהענגען. די א, פֿון די פֿאַרמשפּטע צום טויט.

אויסהענגעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָצעס פֿון אויפֿהענגען (מיט ביטול). „בײַ אַזאַ א, װעלן די לײַלעכער זיך ניט אויסטריקענען“.

אויסהענגען — טרוו. הענג אויף, ~ געהאַ(אָ־)נגען (זן ~געהענגט). 1. אַרויפֿטאָן אויף עפּעס װאָס קען אויסהאַלטן די שווערקייט פֿון אַ זאַך. א, אויף אַ שטריק, צװײַג, בוים אע. א, אויף אַ טשװאָק, קרוק אע. „אַז מע זאָל א, אויף דער װאַנט אַלע פּעקלעך, װאָלט זיך איטלעכער געכאַפּט צו זײַנעם“, שװ [פּעקלעך = אויך: פּעקלעך צרות]. “אַז עס איז דאָ אַ פֿוטער, װעט שוין זײַן אַ טשװאָק אים אויפֿצוהענגען“, שװ [אַז עס איז דאָ דער עיקר, װעט שוין די קלייניקייט װאָס פֿעלט אויך זײַן]. “אויף די װערבעס װאָס אין איר [אין בבֿל] האָבן מיר אויפֿגעהאַנגען אונדזערע האַרפֿן“, תּי, תּהלים קלז, 2. „אויך טאָר ער קיין קלייד ניט אויף

הענגין נאָך ניט אויש שפּרייטן אום צו טריקנן“, לט1, 2/67. “דער שמש...גיסט אַרײַן וואַסער אין האַנטפּאַס, הענגט אויף דעם גאַנצן עולמס איינציקן האַנטעך“, ממוס, שלמה. „אָרעמע קלעזמער — זיי פּלעגן בּיז שבת־נחמו זײַן פֿאַרבּענקט, און גלײַך ווי פֿאַרצײַטן אויף ווענגן די פֿידלען אויף ווענט אויפֿגעהענגט“, אר, אַ חתונה שבת־נחמו'.

,

*א, די פֿיס אויף דער זהאַראָדע [צרים] = ווערן אַ גרויסער אָרעמאַן, שטאַרבּן פֿון הונגער.
2. אַרויפֿטאָן און צופּראַווען; צופּעסטיקן, צוקלעפּן. א, אַ צעטל אויפֿן טאָוול. א, אַ שלאָס אויף דער טיר. *א אַ שלאָס אויפֿן

,

(פֿאַרן) מויל = א) האַלטן בסוד, זיך ניט אַרויסרעדן; בּ) ניט לאָזן ריידן. „די

דיקטאַ
אויפהענגען זיך

טור האָט אַלעמען אויפֿגעהאַנגען שלעסער אויף די מײַלער“.
3. טייטן דורך הענגען. א, דעם שפּיאָן.

א, אויפֿן גאַלג(אַ)ן — אין פּורים־שפּילן וועגן המנען און זײַנע זין. „האָט דער מלך [אחשורוש] געזאָגט: הענגט אים [המנען] אויף דערויף“, תּי, אסתּר, ח, 9. *מע דאַרף זיי אַלעמען א, אויף איין שטריק = זיי זײַנען גלײַכע פֿאַרבֿרעכערס, עס קומט זיי אַלעמען אַ גלײַכע שטראָף. *מע וועט אים א, אויף אַן איבּערגעבּרענטער שטרוי = מע וועט אים ניט בּאַשטראָפֿן, מע וועט פֿאַרקוקן זײַן פֿאַרבּרעך. „הענגט מען אויף איין פּוס, זאָל מען א, אויף בּיידע“, שוו.

אויסהענגען זיך — ← דפֿוו. זיך נעמען דאָס לעבּן דורך הענגען זיך. „אַז מע וויל ניט אַלט ווערן, זאָל מען זיך יונגערהייט א'“, שוו פֿון חבֿרותא האָט זיך שוין מאַנכער „

אויפֿגעהאַנגען“, שוו [=: צוליבֿ חבֿרים פֿרײַנד ,

איז מען גרייט אויף אַלץ]. *(ס'איז, ס'בּלײַבּט) קויפֿן אַ שטריק(ל) און זיך א, = מען איז אין אַ בּיטערן מצבֿ, אָן אַן אויסוועג. *געבּן

(אויף) אַ שטריקל זיך אויפֿצוהענגען =
געבֿן זייער ווייניק, ניט גענוג געהאָלפֿן צו
ווערן. *ער וואָלט זיך פֿאַר דעם
אויפֿגעהאַנגען = ער וויל עס מער ווי דאָס אייגענע
לעבֿן. א, זיך אויף אַ צוקער־שטריקל און
האָבֿן אַ זיסן טויט.

אויפֿהענגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראַצעס פֿון אויפֿהענגען.

אויסהעסען — ־פּע אויף, ~געהעפּעט. אוטוו
— אויפֿהאָפּען ←. טרוו — אויפֿטאַנצן מיט
האָפּקעס, שפּרינגענישן. א, אַ קאַזאַצקע אין
שטיוואַלעס וו אַן אמתער בער.

אויפֿהעפֿטונג — די, ־ען. פּראָצעס אַדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿהעפֿטן. די א, פֿון
צעשאָטענע (צעבראָכענע) טיילן.

אויסהעסטן — טרוו. העפֿט אויף, ~געהעפֿט
(~געהאָפֿטן). 1. צונויפֿהעפֿטן,
צונויפֿפֿעסטיקן; פֿאַרבינדן איינס מיטן אַנדערן, מאַכן
אַ גאַנצע זאַך. 2. אויסהעפֿטן (←) ביז דער
נייטיקער מאָס, מדרגה. א, בלימעלעך.

אויסהעצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿהעצן. די א, פֿון די
פֿינצטערע עלעמענטן.

אויסהעצן — טרוו. העץ אויף, ~געהעצט.
אויפֿרייצן; אויפֿבורען; גורם זײַן מחלוקת;
אויפֿשטעלן איין צד קעגן אַנדערן (מיט רייד);
אויפֿוועקן צו טאָן בייזע מעשׂים. „און גיכער
פֿון אַלץ האָט ער געוואָלט א, מײַן ווײַב קעגן
מיר", יק. א, דעם המון מיט אַ (בלוט־)
בלבול. "איך מיין ניט אײַך אויפֿצוהעצן צו
אַ מרידה", איין גאַנץ נײַאו מע ה פֿון דעם
נשׂיא רבי שמעון בן גמליאל, לעמבערג.
אויפֿהעצעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿהעצן. באשטראָפֿן פֿאַר סיסטעמאַטישער א'.
אויפֿהעצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס העצט אויף, רייצט אַן;
מחלוקהמאַכער; אינטריגאַנט. ווער עס פּראָוואָצירט אַ
קריגערײַ. דער א, פֿון אַלע קריגערײַען און
רײַסערײַען. „די א, פֿון דער פֿרײַטיקדיקער

דראַקע [= געשלעג] אין פּישמאַרק...", אמד,
דיא אידישע קליידער אומוועקסלונג, ווילנע 1870.

אויסהעצעריַי — דאָס & די, ־ען. טואונג
 . אויפֿהעצער. דאָס געמיינע א'.
פֿון

אויסהעצקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געהעצקעט. 1. אויפֿטרייסלען, אויפֿשאָקלען,
אויפֿוויגן, אויפֿהוידען. א, עמעצן אויף דער
העצקע. 2. אויפֿהעצן [געניצט ווי אַ מין
פֿאַרקלענער־פֿאָרעם אָדער מיט ביטול]. א, די
צוויי הענער זיי זאָלן זיך שלאָגן.

אויסהעצקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
אַרויפֿשפּרינגען און זיך האָצקען, העצקען. א,
זיך אויפֿן פֿערדל און זיך לאָזן אין גאַלאָפּ.
אויפֿהעקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿהעקלען. די א, פֿון
וואָלזאַכן.
אויפֿהעקלען טרוו. ־קל אויף, ~
געהעקלט. 1. פֿאַרענדיקן העקלען. א, אַ יאַקל.

2 פֿונאַנדערשפּיליען, אַראָפּנעמען פֿון די

.

העקלעך. א, דעם שינעל. 3. אַרויפֿציִען, אויפֿהענגען. „עפּעס ווי עמעצער וואָלט אים אויפֿגעהעקלט אויף אַ דראָט“, בּ. טייטלבּוים, אויפֿן שוועל.

-

אויסהער — דער. מצ נבּ. אַקט פֿון אויפֿהערן. זאָל שוין נעמען אַן א, צו די צרות. אָן (אַן)

.

א, = אָן אַן אָפּשטעל, כּסדר. „בּײַ אים איז קיין זאַך ניט מיט אַ מאָס: שווײַגט ער — איז געשוויגן, רעדט ער — איז גערעדט, אָן אַן א'“, ממוס, 'אַסיפֿות'. עס שנייט (רעגנט אע) אָן אַן א,.

-

אויסהערונג — די, ־ען. אַרכ. דזוו אויפֿהער. „סיפּמא — איין אויף הערונג פֿון צו אימר מער...“, טײַטש פֿון אַקדמות, פֿירט 1694 [פֿש III]. “סיפּמא — איז דש איִין אויף

הערונג. לעלם ביז צום יובֿל...,,,, ספֿר אַקדמות
מיט עבֿרי־טײַטש... [לעמבערג?, אָנהייב 19.
יה]. ״זיי זאָלן אין איין אָטעם פֿליעסקען אָן
א,,,, ייִל, פּוילישע ייִנגל, אַדעס 1895 [אין
טעקסט ״אויפֿערינג״].

▯

אויסהערן — אוטוו. הער אויף, ~געהערט.
1. מער ניט זײַן, פֿאַרשווינדן, אויסלאָזן זיך.
,,אַז עס פֿעלט פּרנסה, הערט אויף דער
שלומבית״, ש וו. ,,און, ווען השותּפֿות אויף הערט
זאָל אליש פֿאַר קאַפּט ווערין דאז איין אידריר
[= יעדערער] זײַן מעות קריגט״, גה, 111. ,,אין
שטוב ווערט פֿינצטער און טונקל, דער שבת
הייבט אָן א׳״, עט. ,,אַלע שאלות ותּשובֿות
מבח ייִדן זאָל אויף אייביק שוין אויפֿהערן״,
ממוס, סגולה... ,,ס'האָט דער רעגן
אויפֿגעהערט, דער הימל איז שוין אויסגעקלערט״,
פּרץ, לידער און פּאָעמען. א, (צו) וויינען, (צו)
לאַכן, א, (צו) רעדן אאַזוו. ← בּ3.
2. אָפּהאַלטן זיך; איבעררײַסן זיך, אָפּטאָן
זיך. מלל פֿאַרטײַטשט 'איך שבֿת נוגשׂ, (ישעיה,
יד, 4) ״הערט אויף״, און אויך תּי: ״ווי האָט

אויפֿגעהערט דער דריקער". "זוא שרײַב איך
נייארט איין טייל, ווייל פֿון אלן זאַכן אויף
הערן אונ, שטיל שווײַגן", אַשכּנז. „ווערלן די
אַלע [שלעכטע] זאַכן פֿון זיך אַליין א, און
איר וועט מיטאַמאָל אויסגעלייזט ווערן פֿון
צרות", ממוט, סגולה... „אַז קריגערײַ הערט
אויף — געניסט נשמה און גוף„, שוו. „וועז

-

אויפּהקדשן

--

עס הערט אויף די ווסת, און דער בויך ווערט
גרעסער...און זי פֿילט קיין אַנדערע שמערצן
ניט — איז זי באַשטימט מעוברת", מלכּה
בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836.
3. זיך אָפּשטעלן אין דער אַרבעט, מער
ניט ממשיך זײַן צו טאָן עפּעס. „אַז די מיל
הערט אויף צו מאָלן, הערט אויף דער
מילנער צו צאָלן", שוו. „גיב דעם בער אַ ווײַב,
וועט ער אויך א, צו טאַנצן", שוו. „
אויפֿגעהערט שוין אַרבעט זוכן, האַרצעדיקער

טאַטע“, פֿל. „מחותּני מוז לע“ע [לעת־עתּה]
אויף הערן   צו שרײַבן, דען עש איז סמוך
לשבֿת“, פּראָגב, 40. [נאָך א, קומט אַן
אינפֿיניטיוו מיט צ ו , אין אוקר, אויך וורר
פֿעלט אָפֿט דער צ ו , דאָס זעלביקע אויך
בײַם ב4].

4. זיך אָפּשטעלן אין אַ פּראָצעס, אין אַ
(כּסדרדיקער) אַנטוויקלונג. א, וואַקסן; א,
שטײַגן. א, ניצן. „וועט ער ניט א, פֿון צו
זען אַלע טאָג אַ נײַעם סימן פֿון גאָטס חכמה“,
חה, 163. „די פֿיס האָבן אים אויפֿגעהערט צו
דינען“, ממוס, מסעות. „האָט ער אויף אַ רגע
אויפֿגעהערט לערנען — דער קוואַל איז
געעפֿנט און בלוט האָט גערונען“, אשט,
מײַםננלעד. *א, צו אָטעמען = שטאַרבן. *הער
אויף! = אויך: זײַ שטיל, שווײַג, זײַ רואיק.

▯

אויסהערן — ← דפֿוו. אַקוזוו — מיט די
בב 3־4, ווען אַנשטאָט דעם אינפֿיניטיוו קומט
אַ סובסטאַנטיוו. א, די צאָלונגען, די
באַמיאונגען, די אַרבעט. די צוגרייטונגען אאַזוו. מע
דאַרף וויסן ווען אויפֿצוהערן (די אַרבעט, די
קריגערײַען אאזוו). “ער האַט חתּונה געהאַט
מיט אַ גויע...און אויך יעמאָלט ניט

אויפֿגעהערט זײַן אויסגעלאַסן, תּאווהדיק לעבן", לדבֿ.
טרוו — אַרכ. דזוו אויסהערן ←. „ער העט
איין משפּט...ווערט ער זיין מליץ וואַל אויף
הערן, דש ער זיך ניט טועה ווער אודר דאז
ער אים זיין (זכיות) ניט פֿר געשט", לט1,
.1,
12
אויסהערן זיך — אוטוו. דזוו אויפֿהערן, אוטוו,
אָדער מיט בײַבאַטײַט. פֿון זיך, אָן זײַטיקן
.
אַרײַנמיש. „דיא זוהמא פֿון דעם נחש האָט
זיך נאָך ניט אויפֿגעהערט פֿון דער וועלט",
נצ2, כג/בֿ. [אין נצ1, יז/א: „דיא זוהמא פֿון
דער נחש האָט ניט אויף גיהערט פֿרן עולם"].
-
אויסהערשן — אוטוו. הערש אויף, ~
געהערשט. מיטאַמאָל אָנהייבן הערשן. "אַז אַ
קנעכט הערשט אויף איבערן פֿאָלק — איז
גענוג ביטער".

-
אויסהעשען — אוטוו. ־שע אויף, ~
געהעשעט. 1. מיטאַמאָל אַנהייבן העשען, ביטער

וויינען און שווער אָטעמען דערבײַ. א, אַז □ □ ע
זאָל עס גאָרניט קענען אײַננעמען. 2.
אויפֿהירזשען. א פֿערד האָט אויפֿגעהעשעט.

□ □

אויסהסקרן זיך — [...הע'פֿקערן] אוטוו.
הפֿקר זיך אויף, זיך ~געהפֿקרט. ווערן בײַ
זיך הפֿקר, אויפֿפֿירן זיו אוממאָראַליש, אָן
שום אַחריות. א, זיך, ווערן אַ סאַמאָוואָלעץ,
ניט רעכענען זיך מיט קיינעם.
אויפֿהקדשן — [...הע'קדעשן] טרוו. הקדש
אויף, ~געהקדשט. מיטאַמאַל (ווידער,
פֿונדאָסנײַ) אָנמאַכן אַ הקדש, אָנשמוצן, ברענגען

אויפֿהרעבען

אין אומאָרדענונג. „זעט נאָר, געאַרבעט אַ
גאַנצן טאָג, אויפֿגערוימט אַלץ, קומען זיי און
ה□ושן אויף“, רייד.
אויסהרעבען — טרוו. ־בע אויף, ~
געהרעבעט. סל. אוקר. צונויפֿשאַרן, צונויפֿקלײַבן.

א, די אַראָפּגעפּאַלענע בלעטער אינעם גאָרטן.

אויסוואַדזגען — טרוו. ־גע אויף, ~
געוואַדזגעט. אוקר. אויפֿשמירן מיט בלאָטע. א, סמאָלע אויף אַ טויער.

אויסוואונדערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געוואונדערט. אומגעריכט אַרויסרופֿן פֿאַרוואונדערונג, התפּעלות. א, מיט דער פֿאָרשטעלונג דעם גאַנצן זאַל.

-

אויסוואונדערן זיך — ← דפֿוו. מיטאַמאָל
אָ ייִבן זיך צו וואונדערן.
נ

אויסוואוקס — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויפֿוואַקסן. גיכער א, פֿון דער תּבֿואה. 2. דאָס וואָס וואַקסט אויף. אַן א, אויף דער צונג. דער א, אין גאָרטן.

-

אויסוואַטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געוואַטעוועט. (שנײַדעריש) אויפֿלייגן, אַרויפֿלייגן וואַטע. א, אַווינטערדיקן מלבוש.

אויסוואָי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿוואָיען.
דער א, פֿון ווילדע חיות אין דער נאַכט.

□

אויסוואָיעווען — אוטוו. □עווע אויף, ~
געוואָיעוועט. פּלוצלינג, אומגעריכט אָנהייבן
שטאַרק זיך קריגן, שלאָגן זיך, זײַן ווילד אע.
א, ווי אַ ריכטיקער לאָבוס.

-

אויסוואָיען — אוטוו. ־יע אויף, ~געוואָיעט.
מיטאַמאָל אַרויסגעבן נאָגנדיקע,
אויסגעצויגענע קלאַנגען (פֿון אַ, ווי אַ הונט, וואָלף אע)
א, פֿאַר ווייטיק; א, פֿאַר רציחה.

-

אויסוואַך — דער. מצ נב. אַקט פֿון
אויפֿוואַכן. „אַזאַ א', אַזאַ גוטער“ פֿינינבערג,
זינ,
געוודיק, □193.

□

אויסוואַכונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿוואַכן; מאָמענט פֿון

אויפֿוואַכן; צושטאַנד נאָכן ווערן וואַך. פּלוצעמדיקע, פֿריילעכע א'. 2. אויפֿלעבונג, רענעסאַנס. געזעלשאַפֿטלעכע א'.

אויסוואַכן — אוטוו. וואַך אויף, ~געוואַכט.
1. אויפֿכאַפּן זיך, אויפֿהערן שלאָפֿן; (מיטאַמאָל) ווערן וואַך. מש פֿאַרטײַטשט ,ואיקץ, (בראשית, מא, 21) ,,און, איך בין אויף גיוואַכט“, [תּי: און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט]. מלל פֿאַרטײַטשט 'לא הקיץ הנער, (מלכים ב, ד, 31) ,,ניט אויף גיוואַכט“. [תּי: ווי פֿריִע], ,,זאָגט דאז קינד: אַך גאָט, איך בין אויף גיוואַכט אונ, האב וואָלין זעהן, אויב די מעמה [= מאַמע] נאָך ליגט“, גה, 180. ,,איינר דר ביינאַכט אויף וואַכט...און ער מיסיגט זיין הערץ פֿון דער תּורה, דר איז מתחייבֿ בנפֿשו“, לט 1, 2/105. ,,אַלע פֿרי, ווען ער וואַכט אויף פֿון שלאָף, זאָל אויף אים קומען א פֿאָרכט פֿאַר דער מורא פֿון הקב“ה“,
— ... —
ספֿר היראה, 1877. *א, פֿון שלאָף —

אַרויס --
קומען פֿון גלײַכגילטיקייט, ווערן אַקטיוו, אָנהייבן דינען גאָט אאַ. „וואַך אויף, מײַן ברודער, פֿון שלאָף און טו אָפּ פֿון דײַן האַרץ די דעק פֿון דעם יצר־הרע“, חה, ב, 204. *אויפֿוואַכן (וועגן מתים) = אויפֿשטיין תּחית־המתים. „און פֿיל פֿון די מתים וועלן א', דאָס הייסט

אַז די גאולה וועט קומען, וועלן פֿיל מתים לעבעדיק ווערן„, חה, 225. 2. ווידער ווערן אַקטיוו, מונטער, אויפֿטועריש, קעמפֿעריש אע. א, צום קאַמף. א, פֿון גלײַכגילטיקייט. „וועק ניט די ליבע, ניט וועק! א, וועט זי אַליין“, אר, „וועק ניט'. „אָפֿט מאָל שפּאטין זיא אונ, לאכין אויש אים...ביז דער מענש וואַכט אויף“, נצ1, כא/ב. „וואַכט אויף, וואַכט אויף, דאָס יִדישע הויז ברענט“, נאָמען פֿון חיים ליבערמאַנס אַ בוך.
אויפֿוואַכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. דזוו אויפֿוואַכן ב1, אויפֿכאַפּן זיך [אין יִדיש פֿון 19. און 20. יה אַנשטאָט דער פֿאָרעם אָן ז י ך]. „בין איך אײַנגעדרעמלט געוואָרן אויבן און אויפֿגעוואַכט האָב איך זיך שוין אונטן, ערגעץ אין אַ וועלדל“, ממוס,

קליאַטשע. „האָט זיך דער זקן פֿון שלאָף
אויפֿגעוואַכט אינמיטן דער שטילער, דער פֿינצטערער
נאַכט“, אַר, 'דער טויט פֿון אַ נבֿיא'. 2. דזוו
אויפֿוואַכן, בּ2 [אָבער טרעפֿט זיך ניט אַזוי
אָפֿט]. „וואַכט איַיך אויף, איר קדושים
עליונים, וואַכט איַיך אויף, איר ישׂראל, דערוועקט
איַיך מיט גאַנצער שׂמחה“, נוצ II. „עטלעכע
מינוט זענען מיר אַזוי געשטאַנען ווי
פֿאַרטרוימטע, איך האָב מיך אויפֿגעוואַכט
צוע שטן„, ממוס, 'שם און יפֿת'.
אויסוואַכעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿוואַכן (זיך).
אויפֿוואַלגערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געוואַלגערט. אַרויפֿלייגן, אַרויפֿוואַרפֿן,
אַרויפֿקיַיקלען. א, זאַכן איינע אויף די אַנדערע.
אויפֿוואַלגערן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויפֿוואַרפֿן זיך (בּיַים ראַנגלען זיך). ליגן אונטער
עמעצן און דערנאָך זיך א, אויף אים.
אויפֿוואַליען — טרוו. ־ליע אויף, ~
געוואַליעט. סל. אַרויפֿוואַרפֿן, אָנוואַרפֿן,
אַרויפֿלייגן, אַרויפֿוואַלגערן. א, אַ קופּע שמאַטעס.
א אַ קלאָץ אויף די בּרעטער.

,
אויפֿוואַלן — וואַל אויף, ~געוואַלט. אוטוו

— ווערן כוואַליעדיק. דער ים האָט אויפֿגעוואַלט. טרוו — מאַכן כוואַליעדיק. דער ווינט וואַלט אויף דעם ים.

אויפֿוואַלצן —־ טרוו. וואַלץ אויף, ~ געוואַלצט. דורכוואַלצן, אויסוואַלצן I ←. א, היימישע געוועבן.

אויפֿוואַלק(עווע)ן — טרוו. וואַלק(עווע) אויף, ~געוואַלק(עווע)ט. צונויפֿפּרעסן וואָל, פֿילץ. א, וואָל פֿאַר וואָליקעס (וואַלענקעס) אויפֿן ווינטער.

אויפֿוואַלקעווען — טרוו. ← דפֿוו. (שוסטערײַ, קאַמאַשן־שטעפּערײַ) פֿאַרענדיקן באַאַרבעטן פֿאָדערטייל פֿון שטיוול (די פּרישווע, פּשיסווע); פֿון פֿאָרעם 1 שאַפֿן די פֿאָרעם 2 און 3.

אויפֿוואָלק(ע)נען — טרוו. ־קן אויף, ~ געוואָלקנט. פּלוצלינג, מיטאַמאָל באַדעקן מיט וואָלקנס. „דער ווינט האָט אויפֿגעוואָלקנט דעם הימל“.

אויף וואָס די וועלט שטייט — פֿראַזע.

אויפֿוואַרטונג

זייער אַ סך, זייער שטאַרק; אָן אַ מאָס. הוליען, טומלען, פֿרעסן אאַ אויף וואָס... „צו שמחתּתּורה איז ער געווען גרייט און האָט געשיכּורט אויף וואָס די וועלט שטייט“, ייִל, וועלטלוח, אַדעס, תרמ״ג.

-

אויסוואַסערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿוואַסערן.
אויפֿוואַסערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געוואַסערט. 1. אויפֿגיסן וואַסער. א, די בלומען. 2. מאַכן וואַסערדיק(ער). א, די מילך; א, בראַנפֿן.

אויסוואַפּנען — טרוו. ־נע אויף, ~ געוואַפּנעט. (מוליערײַ) צוגעבן וואַפּנע. באַדעקן מיט וואַפּנע. א אַ שטיקל וואַנט.

אויפֿוואַקלען — טרוו. ־קל אויף, ~ געוואַקלט. מיטאַמאָל מאַכן וואַקלדיק. „וואָס רעוועט ער? ער וויל א, די ווענט?“, רייד.
אויפֿוואַקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

מיטאַמאָל אָנהייבן זיך האַלטן ניט פֿעסט, ניט זיכער אויף די פֿיס. בײַם ערשטן קלאַפּ זיך א', בײַם צווייטן פֿאַלן. 2. אָנהייבן האָבן ספֿקות. זיך א, אין דער גערעכטיקייט פֿון
ד□ר פּאַרטיי.

אויסוואַקס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿוואַקסן. דזוו אויפֿוואוקס ←.

□

אויסוואַקסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿוואַקסן. „'גדולי הקדש ומעשׂר שני'... — די א, פֿון הייליקע און מעשׂר שני איז חולין“, זרעים, פּא/א.

□

אויסוואַקסן — אוטוו. (בין & האָב) ~ געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. וואַקסן ביז דער נייטיקער (ריכטיקער, פּאַסיקער) מדרגה. די תּבֿואה איז שוין אויפֿגעוואַקסן. „...האָט געמאַכט א, פֿיל מינים שפּראָצונגען“, זרעים, לח/א. 2. ווערן הויך. זע ווי דער בוים איז שוין היפּש אויפֿגעוואַקסן! 3. ווערן צײַטיק, דערוואַקסן. „בני...איזט אויף גיוואַקסין, גאַר איין שיניר בחור גיווארין“, גה, 192. „ביז עס וואַקסן אויף קינדער, גייט מען אין

שפּאַן ווי רינדער“, שוו. „מיט די רויזן און די פּאַלמען אויפֿגעוואַקסן איז שולמית“, יהואָש, 'וועגוס און שולמית'. 4. ווערן גרעסער, זיך אויסבּרייטערן, זיך צעוואַקסן. די שטאָט וועט א'. 5. אַנטשטיין, אויפֿקומען. „אויף די חורבֿות פֿון אַלטן [= דער אַלטער] איירָאָפּע וועט א, דאָס נײַע לעבן,„ שטריגלער. 6. בּאַווײַזן זיך, דערשײַנען. פּלוצעם וואַקסן אויף (פֿאַר די אויגן) די שפּיצן פֿון די טורעמט.

□

אויסוואַקסן — טרוו. ← דפֿוו. [אָבער פֿצ מיט ה אָ בּ]. 1. מאַכן עס זאָל אויפֿוואַקסן. „דאָס קינד איז פֿון די טובֿות אויפֿגעוואַקסן געוואָרן“, חח, 100. 2. אויך: אויפֿוועקסן ←.

-

אויסוואַקסנדיק — אַדי. וואָס איז אין פּראָצעס פֿון אויפֿוואַקסן, וואָס אַנטוויקלט זיך. דער א'ער דור.

אויסוואַרט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויפֿוואַרטן. דער א, האָט לאַנג ניט געדויערט. 2. אויפֿפּאַסונג, אַכטגעבונג (אויף אַ קראַנק). אַן א אַרום (פֿאַר) אַן אַלטן פּאָרפֿאָלק.

,

אויסוואַרטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿוואַרטן. ,,נון מכּח גוטי

אויפֿוואַרטן

אויף ווארטונג והעיקר סעדי, [= סיעתּא דשמיא דער בייא גיוועזין דאז ער גאַנץ בעשיר גיווארין", גה, 108. 2. קבלת־פּנים, דאָס באַגעגענען, דאָס אויפֿנעמען געסט. "עס איז שבת היינט! — זאָגט די באַלעבאָסטע און מאַכט איר שיינע א', אַ פֿאַרנייג פֿאַר די הערן מיט דעם שיינעם קניקט", אַש, דער תּ יליס ו ד.

אויסוואַרטן — טרוו. וואַרט אויף, ~געוואַרט.
1. אונטערוואַרטן, וואַרטן אַ ביסל. „ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל איַיך א, דאָ...און גיין מיט איַיך אין שול אַרײַן“, שע, מע􏰀יות און פֿאַנטאַזיעס. „מע טאָר ניט אָפּשטעלן זיך אין מיטן שירה חדשה און א, א ו י ף קדושה אָדער קדיש“, אַהרן לעווין, איבּז מקורי מנהגים, ווילנע 1873. 2. מקבּל פּנים זײַן, אויפֿנעמען. א, געסט; א, אַ חשובֿן אורח. „כּלהס צד וואַרט אויף די מחותּנים פֿון חתנס צד“.
3. אָפּוואַרטן; לאָקערן. „איין מענש גיט אינטר וועגין אין גזלנים ווארטין אים אויף ממית צו זײַן“, נצ1, דבֿרים, מז/בּ.
4. סערווירן, דערלאַנגען שפּײַז. „אין דעם ערשטן גאָרטן האָט מען אויפֿגעוואַרט די געסט מיט געזאַלצנס צום אַפּעטיט“, קכו, No ,1864 34.
5. אַרומגיין אַרום אַ חולה (שוואַכן, אַלטן), אַכטונג געבן אויף אַ קראַנקן אָדער אַ קינד. „בּעלי זצ״ל...איזט בּלײַפּציג זער קרנק גיווארן...בּאותו פּעם איזט ר, יוד, ג״כּ [= גם כּן] תּוך לײַפּציג גיוועזין אונ, אצל בּעלי זצ״ל פֿיל גוטיש גיטאן אונ, אים זער אויף

גיוואָרט,,, גה, 107. א, אַ פֿרעמדן חולה ווי אַן
אייגענעם טאַטן. 6. בּאַדינען אַ מלך, אַ
שׂררה אע. ,,...די צוויי קאַמערדינער די האבּן
דעם מלך אויפֿגעוואַרטן", ר, אַהרן מטריבש,
מצח אַהרן, וואַרשע תּר"ג. ,,דאָרט ווערט
געלערנט ווי מע זאָל א, (בּאַדינען) דעם קעניג",
אמד, דאָס קינד אין וואַלד, ווילנע 1876. 7.
אָפּהיטן. ארכ. "עפּנט די טאָר פֿון גן־עדן, לאָז
קומן דר צדיק דא פֿלײַסיג אויף גוואַרט האָט...
אָמן צו זאָגן", ר, יחיאל מיכל עפּשטיין, דרך
הישר לעולם הבּא. [בּ1 — אוטוו, אַקוזוו.]

□

אויסוואַרטעווען — טרוו. ־טעווע אויף,
~געוואַרטעוועט. 1. האַלטן וואַרטע, שמירה
די גאַנצע (נייטיקע) צײַט. א, די שפּײַכלערס
(אין) אַלע פֿינצטערע נעכט. 2. דזוו
אויפֿוואַרטן, בּבּ 4־5.

-

אויסוואַרטער — דער, ־(ס). אויך פֿאַרגרײַזט,

פֿטמ, אויפֿוואַרטע, די, ־ס. מג, מיטן־
גאַליציע. אַ טעלער (פֿון גלאָז, קרישטאָל,
פּאָרצעלאַן אָדער זילבער) אויף אַ הויך געשטעל
אָדער פֿוס, וואָס דינט צו סערווירן כּיבוד פֿאַר
געסט, דערעיקר לעקעך, פֿלאָדן אע, ווי אויך
שבת־אויפּס(ט); קליאָש אין פּר. „...מיט אַן
א, פֿול לעקעך און פֿלאָדן“, מעצקער. „אויפֿן
שבתדיקן געדעקטן טיש, בײַם פֿאַרהערן, איז
אַלעמאָל געשטאַנען אַ פֿלאַש ווײַן, אַ טעלער
געבעקס פֿאַר אַ צובײַס און אַ גרויסע
אויפֿוואַרטע פֿול מיט כּלערליי שבת־אויפּסט“, י.
א. מרגליות, אַמעריקאַנער, 20 1960 III.

--
אויסוואַרטער — דער, ־ס. וונ, ־ין, ־קע, ־ס.
אויך: ~וואַרטאָרין. ווער עס וואַרט אויף

(באַדינט, סערווירט, היט אָפּ אַ קראַנקן). אַן

איבערגעגעבענע א'ין. מלל פֿאַרטײַטשט 'או לעקר משפּחת גר, (ויקרא, כה, 47): "געטצין אויף וואַרטר" [אויפֿן סמך פֿון אויסטײַטש: 'זה שנמכר לעבודה זרה עצמה להיות לה שמש, רשי, קידושין, כ/א]. פּה ברורה, יד/ב: "שמשים — אויף ווערטיר...לטינה: אינסערוויטאָרעס".

אויסוואָרטשען — אוטוו. ־טשע אויף, ~ געוואָרטשעט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) אָנהייבן וואָרטשען. א, ווי אַ הונט פֿאַר אַ שטעקן.

אויסוואַרנישן — טרוו. ־ניש אויף, ~ געוואַרנישט. ← אויסוואַרנישן.

אויסוואַרעמען — טרוו. ־עם אויף, ~ געוואַרעמט. 1. מאַכן וואַרעם, וואַרעמער ביז צו דער נייטיקער, געוואונטשענער מאָס. א, דאָס עסן עס זאָל האָבן אַ טעם. א, דאָס צימער, דאָס קינד זאָל זיך ניט צוקילן. 2. מאַכן אַקטיווער פֿאַראינטערעסירטער, אַרײַנפֿירן אין אַ פֿרײַנדלעכער(ער) שטימונג פֿון סימפּאַטיזירן, מיטבאַטייליקן זיך אָדער ווען

מיטקעמפֿן. א, דעם עולם מיט אַ רעדע.

אויסוואַרעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. ווערן וואַרעם אָדער וואַרעמער (בֿיז
געוואונטשענער מאָס). דער סאַמאָוואַר האָט זיך
אויפֿגעוואַרעמט. 2. דערפֿילן זיך היימישער,
שטאַרקער, מונטערער. א, זיך א י ן אַ
פֿרײַנדלעכער סבֿיבֿה. 3. אָנהייבֿן
סימפּאַטיזירן מיט עפּעס, מיטבאַטייליקן זיך אין עפּעס.
א, זיך פֿ אַ ר אַ נײַעם ציל פֿאָר דער
באַווע,
גונג.
אויפֿוואָר(ע)נען — טרוו. וואָרן אויף, ~
געוואָרנט. 1. פּלוצלינג, אומגעריכט
וואָרענען. א, קעגן אַ נײַער סכּנה. 2. וואָרענען
מיט דעם נייטיקן עפֿעקט (די וואָרענונג זאָל
ווירקן). א, די שׂונאים צו זײַן אײַנגעהאַלטן.
אויפֿוואַרף — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿוואַרפֿן. 2. דאָס וואָס מע וואַרפֿט אויף,
אויסרייד, טאַדל, שטראָפֿרייד. 3. אָנוואַרף, סקיצע,
ניט־דעטאַליזירטער פּלאַן, פּראָיעקט. "פֿלעקן
טוקן זיך אַרויס פֿון דעם פֿאַרפּלאָנטערטן און
פֿאַרשעמטן א, מיט קויל", ימ, איבֿז טאָמאַס
מאַן, טאָנ אָ קרעגער.

׳

אויסוואַרסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿוואַרפֿן.

אויסוואַרסן — טרוו. וואַרף אויף, ~געוואָרפֿן.
1. וואַרפֿן איינס אויף דאָס אַנדערע,
צונויפֿווארפֿן. א אַ גאַנצע קופּע זאַכן. 2. וואַרפֿן

-

,

פֿון אונטן אויף אויבן, אַרויפֿוואַרפֿן. א, אויפֿן
בוידעם אַ פּאָר בינטלעך היי. ״סמבטיון...

טוט שטייניר אויף ווערפֿין פֿון זײַנם גרונד... און, צו בּריכט דיא שיף“, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש“ץ, פֿירט 1694 [ריבֿ,

,

הש III]. „שלאָגט דער דפֿק האַרט און, טוט הויך אויף וואַרפֿין [דאָס בּלוט]...“, סור, יט/א.
3. מוסיף זײַן, צולייגן. א, נאָך אַ שטיקל פֿלייש אין טאָפּ. „וואַרפֿט זשע אויף צו דער נדבֿה אויך אַ מוציא בּרויט“.
4. אויפֿהייבּן דעם מקח, צוגעבּן צום פּרײַז. זיך דינגען און א, עטלעכע קערבּלעך. „איז דער שמש אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן

בּאַלעאויפֿוויגלען

---.-

מער און האָט אָנגעהויבּן אדיסרופֿן: '.וויי גילדוין אַתּה הראית'...איינער איבּער דעם אַנדערן האָט געשטיגן און אויפֿגעוואָרפֿן...צו צען גראָשן“, קמ, 1865 46, No.
5. אויפֿהייבּן (די שטים). אַרכ. „ער זאָל ניט שרייאן און זאָל ניט איין גרוש קול

אויף וואַרפֿן איבּר זײַן גיזינד, מכּל־שכּן איבּר
איינן אַנדרן״, לט1, 2/51. ״די מון אַך און
[= אָן] כּתובֿה אויז גין די איר הויך קול
אויף ווערפֿט״, דאָרטן, 2/55.

6. אַרויסהייבּן, אויפֿבּרענגען. א אַ פֿראַגע,
,
אַ נײַע פּראָבּלעם. „איר דאַרפֿט מיר ניט א,
[בּ3] וואָס איך וואַרף אויף נײַע ענינים פֿאַר
אײַך״, רײַך.

7. אומגעריכט, גיך דערלאַנגען, אָפּשטעקן
(קלעפּ, פּעטש). ״דאָ האָבּ איך מיך שוין ניט
געקענט אײַנהאַלטן און האָבּ איר
אויפֿגעוואָרפֿן אַ פּאַטש״, קמ, 23 1868, No. „עס
גלוסט זיך מיר א, אים צוויי פֿלאַם־פֿײַערדיקע
פּעטש אין בּיידע גראָבּע בּאַקן״, שע, '
עולמה□נא..

8 פֿירוואַרפֿן פֿירהאַלטן, מוסר זאָגן,
דער□ ,
מאָנען חטאָים. *א, דעם אַלטן קאָטער
מאַרצאָווע נעכט = מוסר זאָגן אַן עלטערן וועגן זײַנע
זינד אין די יונגע יאָרן. „זאָגן אים הונדערט
מאָל 'גנבֿ, איז אים אַ סך אָנגענעמער געווען
ווי מע זאָל אים א, אַז ער א□ז געווען אַמאָל

אַ בעל־עגלה", שע, יוגנט־ראָמאַנען. ,,אַזוינע ווערק ווי 'יודל, אָדער 'די קליאַטשע, קאָן אַ
פּראָסטער מענטש גאָרנישט פֿאַרשטיין...מע
האָט עס אַבראַמאָוויטשן אויפֿגעוואָרפֿן אַפֿילו,,,
שנ, יודישע שרײַבער I. *א, דעם יחוס =
דערמאָנען וועגן נידעריקן אָפּשטאַם, זינד פֿון
דער משפּחה.
אויפֿוואַרפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו פֿטמ

.

דזוו וואַרפֿן זיך. ,,דו וואַרפֿסט זיך אויף אין
די אויגן מיט אַזאַ אויסגעשניטענעם ק ◌.יד",
ריוד.
אויפֿוואַרפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿוואַרפֿן. רעזולטאַט

.-
פֿון אויפֿוואַרפֿן ־פּעכץ.

.
אויפֿוואָרקען —. אוטוו. ־קע אויף, ~
געוואָרקעט. פּלוצלינג אָנהייבן אַרויסגעבן
קלאַנגען (וועגן אַ טויב אָדער ווי אַ טויב). א, פֿאַר
ליבשאַפֿט.

◌

אויסוואַשן — טרוו. וואַש אויף, ~געוואַשן.

אויך מיט ז י ך. וואַשן וויפֿל ס'איז נייטיק, בּיז נייטיקער מדרגה. א, ס'גאַנצע גרעט (אויף יוס־טובֿ).

אויפֿוויאַלען — טרוו. ־לע אויף, ~געוו
אַי

לעט. סל. 1. צונויפֿוואַרפֿן. א, אַלץ צוזאַמען אין איין קאַסטן. 2. אַוועקלייגן, אײַנפּאַקן מיט עפּעס אַ ציל. א, ווינטערדיקע עפּל אין שטרוי. פֿרגל: ~וואַליען.

אויפֿוויאָנדזלען — טרוו. ־דזל אויף, ~ געוויאָנדזלט. אויפֿרויכערן, אויפֿטריקענען. א, הערינגלעך. א, שעפּסענע ריפּלעך. א, אין וועג אַרײַן פֿלייש און פֿיש.

אויפֿוויגלען — טרוו. ־גל אויף, ~געוויגלט. דטשמ. אויפֿבּורען, אויפֿרודערן, אויפֿשטעלן איין צד קעגן אַנדערן. „געקראָכן וואו מע בּאַדאַרף ניט, געכאַפּט אין ▯אַרק פֿון די

מולאויפֿוויגלער

טערס און אויפֿגעוויגלט אַקעגן זיך אַ שטאָט מיט מענטשן און מיט הינט, להבֿדיל“, ממוס, אַ שטאָט אין מזרח,. „...האָבּן דאָרט אויפֿ,

געוויגלט די קריסטלעכע בעלי־בתּים...אַז זיי
זענען בּאַפֿאַלן ייִדישע הײַזער“, קמ, 1865,
.No 15
אויפֿוויגלער — דער, ־ס. ווּנ נבֿ. דטשמ.
מורד, רעבּע'ל, בּונטאַ'ר. „אפֿשר איז
גאַריבּאַלדי אין פֿאַרבּינדונג מיט דעם אונגאַרישן
א, קאַשוט“, קמ, l864, No l2. „ציטערט
פֿאַר מיר איר א'!“, לאַט, מאַמאָן.
אויסוויגן — טרוו. וויג אויף, ~געוויגט.
צעוויגן, אויסוויגן; מיטאַמאָל אָנהייבּן וויגן. „דער
אַלטער קלאָגער־ווינט האָט אויפֿגעוויגט אויף
שטורעם“, פּמ, סתּם. „און אונטער זיי די
כוואַליעס וויגן אויף אַ הימל שטערן„, סוצ,
וואַל ס.
די
אויסוויגן זיך — אוטוו. ← דפּוו. אויך: זיך
אָננעמען מיט מוט; זיך בּאַשליסן עפּעס צו
טאָן נאָך וואַקלענישן. א, זיך צו ריידן מיט
אים אָפֿענע דיבּורים. א, זיך אַרויסצוטרעטן
קעגן בּעל־דעה.

אויסווייז — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון

אויפֿ־־
ווײַזן. א, פֿון גערעכטיקייט. 2. דערקלערונג. מיטל אָדער אופֿן קלאָר צו מאַכן. אַ פּשוטער א'. 3. אָנווײַז. אַן א, וואו עפּעס צו זוכן. 4. דערווײַז, ראַיה, באַווײַז. פֿאַקטישער א'. אַן א, וואָס דערלאָזט ניט מער קיין ספֿקות.

▯

אויסווײַזונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿווײַזן. די א, פֿון אַ טעאָרעמ(ע).

▯

אויסווײַזן — טרוו. ווײַז אויף, ~געוויזן.
1. אָפּדעקן און ווײַזן; שטעלן גלײַך פֿאַר די אויגן. אַרויסנעמען סחורה פֿון קעסטעלעך און א, דעם קונה. „...אויפֿגעוויזן...דאָס ער האָט בײַ זיך אינס באַר 50 טאָלער“, אמד, דער אונצײַטיגער בעזוך, ווילנע 1878. 2. ברענגען וו אַ ראַיה, דערווײַזן. א, וואָס עס איז ריכטיק
י
און וואָס עס איז פֿאַלש. “דער טענהט: איך האָב זי פֿריִער דערזען...און דער אַנדערער טענהט [דאָס זעלביקע]. אײַ, ווי אַזוי קען יעדער[ער]

א, בײַ בית־דין...?“, שמ, ד/א. 3. ברענגען
אַ ראַיה פֿון אַ פּסוק, פֿון אַ מימרא פֿון אַ
,
מיינונג פֿון אַן אויטאָריטעט. א, אַז די גמרא
זאָגט אַנדערש. א, פֿון דער הייליקער תּורה.
„זאָגט ער זיי מוסר, אויפֿווײַזנדיק פֿון יענע
און יענע מוסר־ספֿרים ווי גרויס די עבֿירה
פֿון ביטול־תּורה איז“, ממוס, שלמה. „די
דאָזיקע צוויי חכמות ווײַזן אויף אַלע די זאַכן
פֿון דעם עולם“, חה. 4. אויפֿקלערן,
דערקלערן. א, אַ שווערן תּוספֿות, אַ נײַע שיטה.
„ווי קען מען דאָס אַ טאַטן א, אַז זײַן דרך
איז אַ פֿאַלשער אינגאַנצן?“, יק. 5. אָנווײַזן.
א, (אויף) חסרונות און מעלות. 6.
אַרויסשטעלן, אַרויסרוקן ווי אַ דערגרייך. „
אַבראַמאָוויטש איז דער גרעסטער טאַלאַנט וואָס די
ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט
אויפֿצוווײַזן“, בעל מחשבֿות I. 7. געפֿינען סימנים,
סל אַדן און אויף דעם סמך אָנווײַזן. „דער
,
פֿאַרלאַנג וואָס מע האָט אים גובֿר געווען לאָזט
זיך א', „ מוו, איבז פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין
פּסיכ אַנאַליז.

אויסוויַזן זיך — → דפֿוו. 1. קזוו.
באַ־־

וויַזן איינער דעם צווייטן, פּרוּוון איבערציַיגן.
א, זיך מיט ציטאַטן, מיט פֿאַקטן. „מע זאָל
זיך קענען א, מיטן אָרון־קודש“, אָפּאַ, מלאַווער
דערציילונגען. 2. אַרויסשטעלן זיך,
באַרימען זיך, איבערנעמען זיך. „אַ ניַיער עושר...
האָט ליב רק זיך אויפֿצוּוויַזן, רק זיך שטופּן
פֿאָרויס“, לע, טמז, 21 IX 1958.

אויסוויַזעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
פּראָצעס פֿון אויפֿוויַזן (זיך). ראַיה, באַוויַז (איר).
־

אויסוויַזעניש — דאָס (ד), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿוויַזן (זיך). אַן א,
מיט אותות ומופֿתים.

אויסוויַזער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיטן אויפֿוויַזן. דער
א, פֿון מוזיי.

אויסווייכן — טרוו. ווייך אויף, ~געווייכט.
מאַכן אַ ביסל ווייך, ביז נייטיקער מדרגה. א,
א ן וואַסער אַ פּאָר פֿאַרדאַרטע שטיוול.
י
אויסווייכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך
ווערן ווייכער. „אַ פּאָדעשווע אַפֿילו קען זיך
א אָב ניט דאָס האַרץ
ל אויף, ~געוויַלט.
פֿון אַ קמצן„.
,
אויסוו ײַ ן — טרוו. וויַ
י
1 פֿאַרוויַלן אַ געוויסע (קורצע) צײַט.
אונ.
טערהאַלטן. א, די דעלעגאַטן ביז ס'וועט זיך
אָנהייבן די קאָנפֿערענץ. 2. מיטאַמאָל
אַרויסברענגען פֿון צושטאַנד פֿון לאַנגוויַל(יקייט).
א— דעם פֿאַרנודעטן עולם מיט אַ וויץ
1

פֿאַרלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. .

אוי ורײ

האַלטן זיך פֿאַרבלײַבן אויף װײַטער. א, זיך נאָך אַ שטיק צײַט. 2. אַרויסגיין פֿון צושטאַנד פֿון לאַנגװײַל(יקייט), אומפֿאַראינטערעסירטקייט. פּלוצלינג א, זיך מיט די העוויות פֿון דעם רעדנער.

אויסווייניקן — טרוו. ־יק אויף, ~געוויַ־ניקט. מאַכן ווײַניק — אַ ביסל (וויפֿל מע דאַרף). א, דעם ראָסל.

אויסווייַנען — אוטוו. וויין אויף, ~געווייַנט.

מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) אָנהייבן וויינען.

,

א, בײַם ונתנה תּוקף. וויינען, זיך אויסוויינען,
און א, ווײַטער.

▯

אויסווייסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
▯ -
רעזולטאַט פֿון אויפֿווײַסן (זיך).

▯

אויסווייסן — טרוו. ווײַס אויף, ~געווײַסט.
--
אויספֿאַרבן אויף ווײַס, מאַכן ס'זאָל אויסזען
ווײַס. א, דאָס הוין אויף פּסח.

▯

אויסווייסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערו
-
ווײַס פֿון זיך. ״דאָס פֿאַרגרינטע פּנימל וועט
זיך א, בײַ גוטע קע▯ט״, רייד.

אויסווייען — טרוו. וויי אויף, ~געווייט
[אויך: ווייע..., ~געווייעט אין דרומדיקע
ריידענישן]. 1. אויפֿבלאָזן, צונויפֿבלאָזן,
אַרויפֿבלאָזן. דער ווינט ווײַט. אויף אַ באַרג שניי.
2. מיט ז י ך — באַטײַט פֿון פּאַסיוו. „אין
פֿעלד ווייען זיך אויף גאַנצע בערג שניי“.

אויפֿווייקן — טרוו. ווייק אויף, ~געווייקט.
ווייקן אַ ביסל (וויפֿל מע דאַרף). א, די אַלטע
סוכאַרעס.

-

אויסווייקן זיך
— אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
ווייך פֿון ווייקן, פֿון נעץ. „מע לאָזט די זעמל

פֿאַר דער טיר און זיי ווייקן זיך אויף אין
דער פֿײַכטער לופֿט„.

אויפֿוויקלען זיך

אויסווייקען — אוטוו. ווייקע אויף, ~
געווייקעט. אויפֿקרעכצן, אויפֿזיפֿצן; פּלוצלינג אָנהייבן אַרויסבּרענגען וויי. „דאָס קראַנקע קינד האָט שטילערהייט אויפֿגעווייקעט און אונדז אויפֿגעוועקט“.

אויפֿווילדעווען —, אוטוו. ־דעווע אויף, ~
געווילדעוועט. פּלוצלינג ווערן ווילד. א, און זיך וואַרפֿן אויף יעדער איינעם.

אויסווינדלען — טרוו. ־דל אויף, ~
געווינדלט. 1. אײַנוויקלען, אײַנבּינדן אין ווינדעלעך. א, ס'קינד, נעמען עס אויף אַ שפּאַציר. 2. אָפּוויקלען, בּאַפֿרײַען פֿון די ווינדעלעך. א, די נאַסע ווינדעלעך, אונטערלייגן טרוקענע.

אויסווינטש(עווע)ן — טרוו. ־טש(עווע) אויף, ~געוואונטשן, ~געווינטשט, ~ געווינטשעוועט. מיטאַמאָל, (ווידער, פֿונדאָסנײַ) ווינטש(עווע)ן. א אַ פֿרײַנד געזונט, אַריכת־ימים און נחת פֿון קינדער. א, פּרנסה בשפֿע.

אויסווינקען — אוטוו. ווינק אויף, ~ געוואונקען. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן ווינקען. א, מיט איין אייגל. א, בגניבֿה. 2. אַ ווינק טאָן צך עפּעס (עמעצן) וואָס איז העכער. א, צום חבֿר אויפֿן באַלקאָן, צו דער דאַמע אין לאָזשע. 3. מרמז זײַן, געבן אָנצוהערן. א, אויף דעם וואָס עס איז פֿריִער געשען. 4. אָנווײַזן אויף שטום־לשון. א, אויף אַ בלאַטן.

אויסוויצלען זיך — אוטוו. ־צל זיך אויף, זיך ~געוויצלט. אָנהייבן זיך וויצלען, מאַכן שפּאַס. א, זיך אויף יענעמס חשבון.

אויפֿוויקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿוויקלען (זיך). „די שפּראַכן־פֿראַגע בײַם ייִדישן פֿאָלק...וואָס די א, פֿון איר פּלאָנטער הענגט אָפּ ניט פֿון דעם איזם“, ש נ. ה. לייוויק.

אויפֿוויקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געוויקלט. 1. וויקלען צוריקוועגס, אָפּוויקלען, מאַכן

ס'זאָל מער ניט זײַן פֿאַרוויקלט. „...האָב איך מיין וואַרטיש פּריוא [= פּרויא] בּיפּולין זאַל דאז קינד אויף וויקלין אונ, זיך מיט דעם קינד פֿאַר דען אופֿין [= אויוון] זעטצין...‟, גה, 188. 2. צעוויקלען, צענעמען אויף פֿעדעם. א, אַ שטריק, אַ געוועבּ. 3. ווײַזן אָפֿענערהייט, מאַכן אויס פּלאָנטער, בּולט מאַכן. „די היסטאָדיע [= געשיכטע] וועט עס ווײַטער א'‟, אביגדור בּרכיה ז־וף, רינאַלדאָ רינאַלדיני, וואַרשע 1865. „זיי א, און אַנטוויקלען, אָדער געבּן זײַן אייגענעם קינסטלערישן טײַטש פֿון די...געשעענישן‟, יג, תּוך. 4. בּאַזײַטיקן שוועריקייטן, אַוועקשאַרן. א, די מניעות. 5. אַרויפֿוויקלען, פֿאַרוויקלען. א, אויף אַ שפּול(קע). א, ציווקעס = אַרויפֿציִען פֿאָדעם אויף קלעצלעך אָדער קאַרטאָנדלעך (וועבּערײַ, אוקר). א, אַ צעווקע = אַרומוויקלען אַ שפּול אין אַ ראַדיאָ אַפּאַראַט מיט גאָר דינעם דראָט (ווילנע).

-

אויפֿוויקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1 פֿון

.

זיך צעוויקלען זיך אָדער — פֿאַרקערט — צונויפֿוויקלען זיך. „דער קנויל וואָל האָט זיך אויפֿגעוויקלט, ווען ער איז אַראָפּגעפֿאַלן‟.

2. ווערן קלאָר, אויס פּלאָנטער; זיך אַרויסווײַזן אָפֿן, מיטן אמת. ״די פּליאָטקע וועט זיך א, און עס ווער זיך אַרויסשטעלן אַז אַלץ

אויפֿוויקלעניש

איז געווען ליגן״. 3. פֿטמ, אַנטוויקלען זיך.
„דער הײַנטיקער יוגנט האָט זיך אַזוי אויפגעוויקלט אַז מע קען אים מער ניט פֿאַרשטיין״, רייד (ליטע).
אויפֿוויקלעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿוויקלען.
אויסוויקלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע.
דרייזין. ווער עס וויקלט אויף פֿעדעם בײַם וועבן. דער א, פֿון פֿעדעם.
אויסווירבלען — ־בל אויף, ~געווירבלט.
אוטוו — אָנהייבן זיך, אויפֿהייבן זיך אין אַ ווירבל. דער שטורעם (דער שניי, דאָס וואַסער) ווירבלט אויף. טרוו — מאַכן עס זאָל ווירבלען. דער שטורעמווינט ווירבלט אויף דאָס וואַסער. „געזעסן בײַ אַ וואַסער און געוואָרפֿן שטיינדלעך א ן אויפֿגעווירבלט קליינע קרײַזן״, יג, תּוך.
אויסווירען — טרוו. ־רע אויף, ~געווירעט.

מאַכן די נייטיקע צאָל גלײַכע ליניעס (מיט אַ ווירע). א, דעם טאָוול, דעם בויגן פּאַפּיר.

אויסווירצן — טרוו. ווירץ אויף, ~געווירצט. ארויפֿגעבן, צוגעבן געווירץ. א אַ מאכל.

,

— -

אויסווירקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿווירקן. השפּעה. א, אויף ווײַטערדיקע געשעענישן. „די ייִדישע פּערזענלעכקייט...געפֿינט זיך שוין אונטער דער א, פֿון צוגווינטן...פֿון פֿאַרשיידענע עפּאָכן“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „די א'ס־קראַפֿט פֿון זײַנע קינסטלערישע מיטלען“, י. דאָבּרושין, דוד בּערגעלסאָן

אויסווירקן —. אוטוו. ווירק אויף, ~געווירקט. מיטאַמאָל נעמען ווירקן אויף עפּעס אָדער עמעצן; משפּיע זײַן. א, אויף אַ חבֿר. „איר רדפֿט עס א', איך רוף עס אַרויפֿצווינגען“, ריווד.

אויסווישן — טרוו. וויש אויף, ~געווישט.
1. ווישן פֿון אויבן. א, דאָס מעבל. 2.
אָפּווישן, אויסווישן ביז דער נייטיקער מאָס.
א אַ בענקל פֿאַר אַ גאַסט. „...מע זאָל די
. טרערן א, אויף דעם גאַנצן פּנים", אַהרן לעוורן,
איבז מקורי מנהגים, ווילנע 1873.

אויסווישעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿווישן ־שעכן.

אויסוועבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿוועבן. די א, פֿון שטאָפֿן.

אויסוועבן — טרוו. וועב אויף, ~געוועבט.
(אויס)וועבן וויפֿל ס'איז נייטיק; פֿאַרענדיקן
וועבן. א, לײַוונט פֿאַר דער גאַנצער משפּחה.
„ס'אין געוואַרן אויפֿגעוועבט פֿון צוויי מינים“,

ש שפּירא, קלירדער—פֿאַרבֿערײַ, וואַרשע 1900.

-

אויסוועגן — טרוו. וועג אויף, ~געוואויגן.
(אויס, איבֿער)וועגן וויפֿל ס'איז נייטיק.
ענדיקן וועגן. א, אַ פּאָר זעקלעך מעל און זען
צי זיי זײַנען אַלע גלײַך.

-

אויסוועטן זיך — אוטוו, קזוו. וועט זיך אויף,
זיך ~געוועט (אויך: ~געוואָטן). זיך נעמען
וועטן. א, זיך, שטעלן אויף עפּעס און געווינען
(פֿאַרלירן).
אויפֿוועלבֿן — טרוו. וועלבֿ אויף, ~געוועלבֿט.
דזוו אויסוועלבֿן ←.
אויפֿוועלגערן — ־ער אויף, ~געוועלגערט.
1. דזוו אויפֿוואַלגערן ←. 2. דזוו
אויסוועלגערן ←. 3. מאַכן גלאַט געוואַשענע וועש.

אויפֿוועלדערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געוועלדערט. נעאָל. אויפֿשטײַגן ווי אַ וואַלד. „איצט
וועלדער איך אויף אין דער לופֿט“, סוצ,

וואַלדיקס.

אויסוועלן — טרוו. וועל אויף, ~געוועלט. פֿד, אוקר. 1. אויפֿזידן, אויפֿבריִען, אויפֿקאָכן מילך. א, מילך. 2. מיטאַמאָל מאַכן כוואַליעס. דער ווינט האָט אויפֿגעוועלט דעם טײַך. 3. מאַכן אַ שטורעמדיקן אָנפֿאַל, איבערפֿאַל. „זוא האבין דיא טירקן מיט גרוסר מכט דען קלטין ברג אויף גוועלט. זיינן זיי אבר...צוריק גיניגט ווארין“, באַלעגערניש.

אויפֿוועלן זיך — א‌ טוו. ← דפֿוו. 1. אויפֿקאָכן זיך. „פֿלעמלעך האָבן געלעקט אַ בלעכן ראַנדעלע וואו מילך האָט זיך אויפֿגעוועלט“, אָפּא 2. צעכוואַליען זיך.

אויסוועלן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק. וועלט זיך אויף, זיך ~געוואָלט (~געוועלט, לר, זאַמעט). פֿאַרוועלן זיך, פֿאַרגלוסטן זיך. ס'האָט זיך אים אויפֿגעוואָלט יאַגדעס אין מיטן ווינטער.

אויפֿוועלקן — אוטוו. וועלק אויף, ~ געוועלקט. מיטאַמאָל אָנהייבן וועלקן, וויאַנען. די בלעטער אויף דיביימער וועלקן אויף נאָך די פֿריצײַטיקע עטלעכע קאַלטע טעג.

אויסווענדן — טרוו. ווענד אויף, ~געווענדט, ~געוואָנדן, פּד פֿאַרווענדן, פּטרן. פֿאַרניצן. א, אַלע כּוחות פֿאַר אַ וויכטיקן ענין. (ווב פּינסקי).

אויסוועקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿוועקן (זיך).

אויסוועקן — טרוו. וועק אויף, ~געוועקט.

1. אַרויסבּרענגען פֿון צושטאַנד פֿון שלאָף, מאַכן וואַך. "דא זיין די וועכטר מחויב אויף צו וועקין אחד או שנים פֿון די ממונים", תּקק. "האשה בּעלה אויף גיוועקט אונ, גיזאגט...", גה, 331. "דא האָט זײַן פֿאטר גישלאפֿן, אונ, דיא שליסל פֿון דאש גיוועלבּ איז גילעגין זײַן פֿאטר אונטר זײַן קאָפּף; דא האָט [ער] זײַן פֿאטר ניט...וועלין אויף וועקן", לט 1, 2/90. „האָבּן זיי [דעם מלך] געוואָלט א'..האָבּן זיי געקלאַפּט אַרום אים, כּדי זיי זאָלן איס א', און ער האָט ניט

געהערט“, נחב, 'מעשׂה במלך שבּבש מדינות'.
„אַ באַהעלפֿער... שלעפּט... צוויי יונגע פּיצלעך קינדערלעך, וואָס ער האָט זיי נעבעך
אויפֿגעוועקט פֿון זייער אַ זיסן...שלאָף“, ממוס, קליאַטשע. *שרײַ ניט, וועסט א, גאָט! (שפּאַסיק, אויך מיט כּעס). *מורא האָבן אויפֿצוּוועקן די מײַז = ריידן גאָר שטיל.

2. בּרענגען דערצו אַז אַ טויטער זאָל לעבעדיק ווערן, מחיה מתים זײַן. א, אַ טויטן, א שוכן־עפֿר. *ער קען א, אַ טויטן = א) ער מאַכט גרויסע גוואַלדן; ב) קען מאַכן אַקטיוו דעם סאַמע גלײַכגילטיקן (← ב4). “דער זיך בּגאווה הלט איבּר אַלי לײַט דער ווערט ניט אויף גיוועקט ווערן ווען עש ווערט קומן תּחית־המתים־צײַט“, עיון, 1/43 פֿון דרערד .„

אויסגעגראָבן... פֿון אייבּיקן שלאָף אויפֿגעוועקט“, סעג, קאַפּריזן.

3. אויסניכטערן, בּרענגען צוריק צום אמת, צו דער ווירקלעכקייט. „דאָס לעבן איז ניט

אויפֿווערן

מער ווי אַ חלום, אָבער וועק מיך ניט אויף״, שוו. א, פֿון פֿאַרנאַרטקייט פֿון פֿאַנאַטיזם.
,

4. מאַכן אַקטיוו, שטויסן צו טעטיקייט (צו תּשובֿה, חרטה אע). א, די גלײַכגילטיקע, די ניט־פֿאַראינטערעסירטע. א, זינדיקע זיי זאָלן אָפּקערן פֿון זייערע שלעכטע דרכים. „און מײַן כּוונה איז מיט דעם ספֿר... אויפֿצעוועקן די אומפֿאַרשטאַנדיקע״, חה, 53.

5. אַרויסרופֿן, אַרויסבּרענגען דורך השפּעה (עפּעס וואָס אין ניטאָ אָדער איז אַזוי ווי פֿאַרשלאָפֿן פֿאַרשטויסן). א, (נײַע האָפֿענונ—
,
גען. א, ליבשאַפֿט, חשיבֿות בנוגע זיך גופֿא. „די גרויסע צרות און לײַד וועלכע ייִדן זענען אויסגעשטאַנען האָט אין זיי הײַנט ▯ ויפֿגעוועקט עפּעס אַזוינס וואָס בּאַטײַט שוין גאָר אַנדערש ווי דאָס פֿריִערדיקע אַראָפּשלינגען די אַלע פּורעניות״, ממוס, אַ סגולה... „דער ערשטער זײַן, אין הדין צו זיי אַרײַן, און א, אין האַרץ בײַ זיי אַ ליכטיקייט, אַ שײַן״, הל, 'אין יעדנס האַרץ'.

6. אויפֿלעבן (אין זכּרון, אין אַ קונסטווערק). א, די אַמאָליקע יאָרן. א, דאָס קליינע

שטעטל דורך קינסטלערישע האָלץ־שניצערײַען.
,,עס איז מיר געווען גאַנץ שווער
אויפֿצוּוועקן, אויפֿצולעבן און מאַכן זיך בּאַוועגן
יענע פּאַרשדינען וואָס ווירקן אין דעם בּוך“,
□ משפּחה מאַשבּער.

[□ו
אויסוועקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך
(אָן קלאָרן אָנווײַז אויף דער סיבּה אָדער דעם
אויפֿוועקער) ווערן וואַך, זיך אויפֿכאַפּן, מיט
אַלע בּבּ פֿון אויפֿוועקן. א, זיך פֿון שלאָף. א,
זיך פֿרן די קבֿרים. א, זיך פֿון פֿאַרגלייבּטקייט
אין אַ דאָגמע. ,,דאָס פֿאָלק וועקט זיך אויף
און ווערט גרייט אַליין צו בּרענגען די
גאולה“. זכרונות וועקן זיך אויף. ,,דער אַלטער
וועג האָט זיר אויפֿגעוועקט... און איז אַדועק
מיט די צוועלף ווערסטאָווע... סלופּעס ווי מיט
צוועלף שלוחים“, פּמ, דור־אויס, דור־אײַן. “עס
וועט זיך א, דער אַלטער קריגערישער העלד,
דער אמתער גיבּור־מלחמה“, איין גאַנץ נײַאו
מעש ה פֿון דעט נע)יא רבּי ש מעון בּן גמליאל,
לעמבּערג.
אויסוועקסן — טרוו. וועקס אויף, ~
געוועקסט. וועקסן, בּאַדעקן מיט וואַקס, פֿון
אויבּן, א ביסל. א, דעם דיל.

אויסוועקעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער, פֿילמאָליקער) פּראָצעס פֿון אויפֿרועקן
(זיך). אַן א, בײַ אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק.

אויסוועקער — דער, ־ס. 1. ווער עס וועקט
אויף. דער א, פֿון די אָפּגעשטאַנענע מאַסן.
2. וועקזייגער. ל2.

אויסוועקעריש — אדי. וואָס האָט די טבֿע
אויפֿצוּוועקן; וואַס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן
אויפֿוועקער. א'ע רייד, א'ער רוף.

אויפֿווערבֿירן, ~ווערבֿעווען — טרוו.
־בֿיר, ־בֿעווע אויף; ~(גע)ווערבֿירט, ~
געווערבֿעוועט. אַרײַנקריגן דורך ווערבֿירן די
נייטיקע צאָל. א, פֿרײַנד און באַקאַנטע פֿאַר דער

וואַל־קאַמפּאַניע.

□

אויסוווערן — אוטוו. (איצ, אימפּ ניטאָ), ~געוואָרן. ווערן אויף, וואַכיק. אָנהייבן רעשן, טומלען. „די גאַנצע שטאָט איז

אויפֿאוי□ ווערן

געוואָרן מיט דעם נײַעם סקאַנדאַל“, רייד. „דו ווילסט מיר אָנמאַכן אַז די גאַנצע שטאָט זאָל א, מיט מיר“, ווײַס, 'דבֿורהלע'.
אויף[ווערן — צזוו. פּפּ צו אויפֿוווערן. פֿרגל
אויפֿזײַן, אויף זײַן. □ווי ער וועט נאָר אָנהייבן נאָכצופֿרעגן וועגן אים אין די קאַנסאָרן, וועט שוין ווערן דערמיט די שטאָט אויף“, אמד, דער מיליאָנער, ווילנע 1868.

□

אויסווערעמען — אוטוו. ־עם אויף, ~ געווערעמט. ווערן ווערעמדיק. „די פֿלוימען זײַנען צו לאַנג געלעגן און האָבן

אויפֿגעווערעמט“, רײַך.

אויסזאָג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿזאָגן, אָנזאָג.

אויסזאָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזאָגן. אויסהערן די א'.

אויסזאָגן — טרוו. זאָג אויף, ~געזאָגט. 1. זאָגן אויף אַ קול. א, אַלע זאָלן הערן; א אַלץ וואָס מע ווייסט. „...און, זול דיא הייליג שטאַט ירושלים ווידר בּויאן...דאז עז ווערט גישעהן בּאלד אין אונזרן טאָגן, דא וועלן מיר אלין אָמן אויף זאָגן...“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. 2. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) זאָגן, דערציילן. א, ווידער אַלע טענות. א, די אַלטע חד־גדיא וואָס מע קען שוין פֿון פֿריִער. 3. אַרכ. בּטל מאַכן, ליקווידירן, מאַכן אַ סוף. „...האָט בּעלי זצ“ל דיא בּרירה דאָז ער השותּפֿות מאג אויף

זאָגין", גה, 111. „און, מיר האָבּן גיטיילט און, אויף גיזאָגט דאָש שותּפֿות„„ שו"ת הרמ"א, קראָקע, 1740 [הש 4 .I]. אַזוי ווי בּ3, נאָר אַרויסגעהויבּן דאָס מעלדן, דאָס אָנזאָגן אַז עס איז. „[דער רבּי] טוט אונז די מנויים גלײַך אויף זאגין", 'בּחורים־ליד', פֿפֿדמ 1750 [וואכשטיין־בּוך, ייִוואָ]. "...צו צאָלן דאָס קרן און אינטערעס בּיז...[מע האָט] דעם ערבֿ העכּו"ם אויפֿגעזאָגט„„ הרבֿ מ. הלוי הורוויץ, טפֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.

אויפֿזאָגעניש, ־געכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿזאָגן. דאָס וואָס ווערט אויפֿגעזאָגט.

-

אויסזאָט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזידן; דאָס וואָס בּלײַבּט נאָכן אויפֿזידן. אַ געדיכטער א'.

אויפֿזאָטלען — טרוו. ־טל אויף, ~געזאָטלט.
1. אַרויפֿלייגן אַ זאָטל. א, דאָס פֿערד צום רײַטן; א, אַ זאָטל אויפֿן שימל. 2. אַראָפּנעמען דעם זאָטל. א, דאָס פֿערד, לאָזן עס פֿרײַ.
3. אַרויפֿזעצן, אַרויפֿלייגן אע פֿון אויבּן. א, דאָס קינד אויף די פּלייצעס.

אויפֿזאָטלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אָנזעצן זיך; דריקן עמעצן (פֿונקט ווי מע וואָלט רײַטן אויף אים). א, זיך אויף עמעצן, ניט לאָזן אים דעם קאָפּ אויפֿהייבן.
אויפֿזאַלבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזאַלבן.
אויפֿזאַלבן — טרוו. זאַלב אויף, ~געזאַלבט. באַשמירן פֿון אויבן מיט זאַלב. א, די טוטווייאיקע פּלייצעס (וויטעבסק).
אויפֿזאָליען — אוטוו. ־ליע אויף, ~ געזאָליעט. משתּין זײַן אויף עפּעס (געוויינטלעך וועגן אַ קינד). „האַ־האַ, דאָס ייִנגעלע האָט אויפֿגעזאָליעט אויפֿן טאַטן„,

רייד438

אויפֿזאַלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויםזאַלצן. די א, פֿון די פֿעלן.
אויסזאַלצן — טרוו. זאַלץ אויף, ~געזאַלצן (~געזאַלצט). 1. אַרויפֿשיטן זאַלץ פֿון אויבן. *א, די וואונדן = אָנרירן ענינים וואָס פֿאַרשאַפֿן ווייטיק, עגמת־נפֿש. 2. צושיטן זאַלץ. „האָסט פֿאַרגעסן אַרײַנצושיטן זאַלץ. מע דאַרף א, די זופּ“.

אויפֿזאַמד(יק)ן — טרוו. זאַמד(יק) אויף, ~געזאַמד(יק)ט. 1. אַרויפֿשיטן זאַמד; מאַכן זאַמדיק. א, די סטעזשקעס פֿון גאָרטן. 2. צונויפֿנעמען עפּעס פֿון זאַמד. א, אַ גאַנצן באָרג.

אויפֿזאַמלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזאַמלען, צונויפֿזאַמלען. די א, פֿון ביכער, מענטשן. אויך. ־לעניש.

.

אויבֿזאַמלען —־ טרוו. ־מל אויף, ~געזאַמלט. 1. צונויפֿזאַמלען, צונויפֿקלייַבן, צונויפֿנעמען. "און אַזוי איז ביינער פֿון הייליקע, ווען דער כהן זאַמלט זיי אויף, זײַנען זיי אָסור,,, זרעים, פֿד/א פֿלענט זי... א, שריפֿטלעכע בקשות,,,

. ,,

יק. ,,אַלע טאָג טוען זיי עבֿירות אויף מיר א, און מערן", ישרי לבֿ, ווילנע, 1867, כט/ב. ,,דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז שפּעטער אויפֿגעזאַמלט געוואָרן אין דרײַ בענד , פֿאַרגעסענע ניגונים'", שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I. 2. צוגויפֿברענגען, צונויפֿרופֿן. א, אַן עולם צום קאָנצערט, צו הערן דעם רעדנער.

אויפֿזאַמלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אָנקלייַבן זיך, צוקומען איינס צום אַנדערן.

,,...וועט זיך א, דער שׂכר וואָס ער מאַכט
אַנדערע לײַט גערעכט און פֿרום‟, חה, 382.
2. צונויפֿקומען זיך. אַ המון זאַמלט זיך אויף.
,,נעבן שײַער אויבנאָן, שטייט און קרייט דער
גרויסער האָן. זאַמלט זיך אַן עולם אוי לע
הינער פֿונעם הויף‟, יהואָש, 'פֿרילינג'.

אויסזאַמען זיך — אוטוו. זאַם זיך אויף,
זיך ~געזאַמט. לר. דזוו זאַמען זיך,
פֿאַרהאַלטן זיך בײַ עפּעס. א, זיך און ניט קומען
צו דער צײַט.
אויפֿזאַץ — דער, ־ן. 1. אַקט, פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזעצן. 2.
אַרויפֿגענייטע, צוגעשפּיליעטע באַפּוצונג אויף
(פֿרויען־)קליידער. ,,ווײַבער האָבן דרײַ זעץ:
אַן אײַנזאַץ, אַן אָפּזאַץ, און אַן א'‟ פֿוול.

,
3. באַפּוצונג אויפֿן קאָפּ איבער (אין) די
האָר; פֿרעמדע האָר, אַ קאָקס אויף די אייגענע.
4. אַרויפֿגעזעצטער טייל צו פֿאַרצירן אַן
אַלמער, אַ שאַפֿע. קאַרניז אויף מעבל.
5. אויפֿגעזעצטער טייל פֿון אויפֿוואַרטער ←.

6. קאָמפּאָזיציע פֿון אַ תּלמיד, אויפֿגעגעבן פֿון לערער. אַן א, וועגן מירעלען פֿון „נאָך אַלעמען"". 7. קאָמפּאָזיציע, עסיי, אָרטיק מאמר, חיבור. „...יענעם געבן צו פֿאַרשטיין וואָס ער דענקט און קען, זײַן א, אָנגענעם מאַכן פֿאַר דעם לעזער„, קמ, 29 l863, No. „דער ציל פֿון דעם א, איז אויסצופֿאָרשן די אַלערליי מעכאַניזמען פֿון שאַפֿן", נאַד. 8. אַרכ. פּלאַן, המצאה. „נון טראכטט דרוזייאנה אי ן אויף זאַץ, אונ, אין איר קאמר גינג זי..."‚ בבֿא־בוך, 342. „דעז מענשן אויף זאַץ זענן פֿיל„, ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686.

,

אויפֿזוכן

אויסזאָרגן — זאָרג אויף, ~געזאָרגט. אוטוו — מיטאַמאָל (אָדער פֿונדאָסנײַ) נעמען זאָרגן. אָפּט מיט ז י ך מיטן זעלביקן ב. א, זיך וועגן זון וואָס שרײַבט ניט. טרוו — נעאָל. אַרויסברענגען מיט זאָרג. „ווען... ייִדישע ישובים אין אייראָפּע... האָבן פֿינצטער אויפֿגעזאָרגט פֿאַרשיידענע ספֿקות, איז חיים גראַדע געקומען מיט זײַן 'יאָ'", יג, תּוך.

אויסזבענקען — טרוו. ־נק(ע) אויף, ~ געזבענק(ע)ט. וואוילינגעריש. אויפֿהאַקן מיט אַ בראַזג, אויפֿקלאַפּן, אויפֿשלאָגן. א, זײַן טרייפֿענע מאָרדע.
אויפֿזודע(נע)ן — טרוו. ־דע אויף, ~געזודעט. וורר. סל. אויפֿרייצן. א אַ הונט.

,

-

אויסזוויאַקען — אוטוו. ־קע אויף, ~

געזוויאַקעט. סל. אויפֿקלינגען, אויפֿליאַרעמען. א, מיט
די שליסלען, גלעזער.

□

אויסזויבערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿזויבערן. די א, פֿון
צוגעשיקטע אַלטע קליידער.

□

אויסזויבערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געזויבערט. אויפֿרייניקן, מאַכן ציכטיק ביז
נייטיקער מאָס. א, צימערן; א, דאָס
צעכראַשטשעטע לשון.

□

אויסזוינן — טרוו. זויג אויף, ~געזויגן. פּפֿ:
~זייגן. אַרײַנציִען, אַרײַננעמען אין זיך
זויגנדיק. דאָס קעלבל האָט אויפֿגעזויגן בײַ
דער קו די גאַנצע מילך.
אויפֿזויגער — דער, ־ס. 1. וואָס עס זויגט
אויף. 2. אַפּאַראַט אַרײַנצוציִען שטויב. אַן
עלעקטרישער א'.
אויפֿזוילן — טרוו. זויל אויף, ~געזוילט.
(שוסטערײַ) אַרויפֿקלאַפּן זוילן אויף
שוכוואַרג. א, איין שוך און לייגן אַ לאַטקע אויף
ד □.. צווייטער.

אויסזוימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזוימען. די א, פֿון בעטוועש.

אויסזוימען — טרוו. זוים אויף, ~געזוימט. צונויפֿזוימען; פֿאַרבינדן מיט אַ זוים. א, עטלעכע האַנטעכער און מאַכן אַ לײַלעך.

אויפֿזוימען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. צונויפֿזוימען זיך, פֿאַראייניקן זיך, זיך צונויפֿטרעפֿן. „דאָרט וואו דער ים זוימט זיך אויף מיטן הימל...“. 2. דזוו אויפֿזאַמען זיך ←.

אויף זויער — ← אויף זיכער, בּ 2.

אויפֿזויפֿן — טרוו. זויף אויף, ~געזויפֿט. דזוו אויסזויפֿן ←.

אויפֿזויפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿזויפֿן. אַן א, פֿון אַ גאַנץ פֿלעשל.

אויפֿזוך — דער, ־ן. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אויפֿזוכן.

אויפֿזוכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער דעזולטאַט פֿון אויפֿזוכן. די א, פֿון פֿאַרלאָרענע שפּורן.

אויפֿזוכן — טרוו. זוך אויף, ~געזוכט. 1. זוכן און געפֿינען. א, אַ פֿאַרלאָרענע זאַך. א אַ תּירוץ. „זײַנען מיר אַלע געגאַנגען

הינ,
טער דער שטאָט און זיך צעלאָזט אין אַלע
זײַטן דיך אויפֿצוזוכן“, ממום, קליאַטשע.
,,וועלן מיר זיך אָפּרוען פֿון וועג, וועלן מיר
אים א',,, ספּ, סודות. ,,אויפֿגעזוכט האָב איז

אויפֿזוכן זיך

מײַן האַרפֿע“, סעג, לירישע לידער. 2.
אַרויסשטעלן, אַרויסברענגען עפּעס פֿאַר (איבער,
קעגן) עמעצן. א, מעלות, חסרונות. אין
האַרצן האָט זי נישט ליב קיין ייִדן און זי
וועט מסתּמא עפּעס א, אויף איר קאָמיסאַר“.
אויסזוכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
געפֿונען ווערן. דאָס בינטל שליסלען האָט זיך
אויפֿגעזוכט. 2. צוריקקריגן אָן זוכן. דאָס הינטל
וועט זיך א', עס וועט קומען צו לויפֿן אַהיים.
אויסזוכעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון באַמיִען זיך צו געפֿינען.
2. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון געפֿינען וואָס
מע זוכט. 3. פּאָליציי־רעוויזיע, פֿאָרשונג.
דריי ין.

אויסזוכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס זוכט אויף, געפֿינט. 2.
פּאָליציישפּיצל, שפּיאָן, באַפּער, 'סיסטשיק', ל2,
דרייזי1.
אויפֿזומען — זום אויף, ~געזומט. פּפֿ:
~זשומען. אוטוו — 1. מיטאַמאָל
אַרויסגעבן די קלאַנגען זום־זום (געווייִנטלעך וועגן
אינזעקטן). די פֿליגן זומען אויף. אויפֿהייבן
זיך, אַרויפֿשטײַגן מיט אַ זומען. דער עראָפּלאַן
האָט אויפֿגעזומט. טרוו — אויפֿזינגען
זומענדיק. א, אַ זמרל.

אויסזונען — אוטוו. עס זונט אויף, האָט
~געזונט. 1. אומפּ. אָנהייבן שײַנען
וועגן דער זון). נאָכן רעגן האָס אין דרויסן
אויפֿגעזונט. 2. אויפֿשײַנען, אויפֿגיין (ווי די זון).
,,צוריק צום לאַנד וואו דער ווילן האָט
אויפֿגעזונט“, אפֿא, יעקבֿס געצעלטן.

אויסזופּן — טרוו. זופּ אויף, ~געזופּט.
אויפֿטרינקען אַ פֿליסיקייט אָדער אויפֿעסן אַ שיטערן מאכל. א, די מילך, די זופּ.
אויפֿזופּעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿזופּן.
אויפֿזיגלען טרוו. ־גל אויף, ~געזיגלס.
אַראָפּנעמען דעם זיגל; אויפֿעפֿענען וואָס עס איז פֿאַרזיגלט. א אַ פֿאַרחתמעטע פֿלאַש ווײַן.
,

„...די רײַכטימער פֿון ים המלח, וואָס ער האָט אויפֿגעדעקט און אויפֿגעזיגלט“, א. אַלפּערין, טמז, 1961 2. „ער זיגלט דעם בּריוו אויף,„ אַביגדור בּרכיה רוף, רינאַלדאַ רינאַלדיני, וואַרשע 1865.

-

אויסזיד — דער, ־ן. דזוו אויפֿזאָט ←.
אויפֿזידלען — טרוו. ־דל אויף, ~געזידלט.

פלוצלינג באַפּאַלן מיט אַ זידלערײַ. מיר ניט,
דיר ניט א, ווי אַ ייִדענע פֿון פֿישמאַרק.
אויפֿזידן — זיד אויף, ~געזאָדן, ~געזאָטן.
אוטוו — 1. ווערן הייס ביז (איבער) הונדערט
גראַד צעלזיוס. דער סאַמאָוואַר וועט באַלד א'.
2. אָנהייבן זידן, בלעזלען זיך מיט שוים.
,,וועט ער באַלד אַוועקפּאַלן... און א, אין שוים
וואָס שפּאַרט פֿון זײַנע ציין‘‘, הל, ,ערשטער
מאַי 1935'. 3. ווערן שטאַרק אין כּעס,
צעקאָכן זיך. ,,בוניע זידט אויף: וואָס, ווי
רחמיאל דער שוסטער?‘‘, בערג, בײַם דניעפּער
I. 4. אַרײַנקומען אין צושטאַנד פֿון
אויפֿרעגונג, התפּעלות אע. ,,וואו ער קומט, זידן
אויף הערצער,,, פּרץ, לידער און פּאַעמען.
טרוו — 1. מאַכן עס זאָל זידן, אויפֿקאָכן.
,,טוא אין די בריא פֿיר לויט האָניק...און,

לאָז ווידר איין ווי .ג אויף זידן‘‘, סור, יט. ,,צום
אַלעם ערשטן האָט ער אויפֿגעזאָטן וואַסער‘‘,
חיים פּעט, אַ הויז אויפֿן פֿעלד. א, מילו —
אוקר. אויפֿקאָכן, אויפֿבריִען, אויפֿוועלן מילך.
2. אַרײַנברענגען אין צאָרן; מאַכן עמעצן
זייער אויפֿגעהעצט. ,,די שאַרפֿע ווערטער האָבן
אים אויפֿגעזאָטן‘‘. ,,מיט וואָס זשע האָבן מיר

דעם טײַך ביז דעם אָפּגרונט אויפֿגעזאָדן אַז ער האָט אונדזער היים... אָפּגעשווענקט?„, חג, פֿאַרוואַקסענע וועגן.

-

אויסזיווגן — [...זיווען] טרוו. זיווג אויף, ~געזיווגט. (שפּאַסיק, איר). צונויפֿפּאָרן, צונויפֿפֿירן אַ זיווג. א, אַ בלינדן מיט אַ הויקער דיקער. א, שקר מיט שלימזל.

אויסזיי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿזייען. דער פֿרילינגדיקער א'.

אויסזייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזייען. די א, איז שיין אויפֿג אַנגען.

אויסזייגן — דזוו אויפֿזויגן ←.

-

אויסזײַן — אוטוו. זײַ, בין אויף, ~געווען (~געוועזן). 1. זײַן וואַך, ניט שלאָפֿן. א, אַ גאַנצע נאַכט. „דש איינה איז ווען מן זיא פֿרעגט ווארום זי זיין אזו לנג אויף גיוועזן לערנין...“, עיון, 2/17. „די ראַנדן פֿון זײַנע

אויגן זענען זייער רויט געווען, ווי ער וואָלט
אויפֿגעוועקט די גאַנצע נאַכט", אַש, תּהילים־ייִד.
סוב. „...זײַן שבֿועותדיק א, און די
מילעכדיקע סעודה„, קמ, 4 1866, No. „קישעלעך
וועלכע מע וואַרפֿט הושענה־רבה בײַדערנאַכט
בײַם א'..."‚ ממוס, מסעות. 2. זײַן אַקטיוו,
טעטיק. „דער יצר שלאָפֿט בײַ אַ מיידל און
איז אויף בײַ אַ ווײַבל"‚ שוו. *דער יצר־הרע
איז בײַ אים אויף = האָט אַ שטאַרקן יצר־הרע.
*די וועלט (די שטאָט, דאָס שטעטל, דער קרײַז
אע) איז מיט אים (דעם) אויף = מע האַלט
אין איין רעדן וועגן אים (דעם), מע היצט
זיך וועגן דעם; מע באַטראַכט עס ווי אַ
סקאַנדאַל; מע לויפֿט קוקן. „אַמאָל האָב איך
געמאַכט אַ נײַעם ניגון 'דרור יקרא', וואָט גאָר
די וועלט איז מיט אים אויפֿגעוועזן"‚ אבג,
גלגול, וואַרשע, תרנ"ז.
אויף זײַן — צזוו. פֿפֿ צו אויפֿזײַן. „איך
ווייס אַפֿילו אַז עס וועט מיט מיר זײַן די
שטאָט אויף, נאָר וואָס האָב איך מורא?"‚
יודישער פֿאַר־פּסח. *דער עשׂו (עשׂוקע, אדום)
וועט זײַן אויף = עס וועט זיך דערוועקן די
רציחה, די טרייפֿענע יוכעו אע.
אויפֿזייען — טרוו. זיי אויף, ~געזייט. דזוו

אויסזייען ←. פֿאַרזייען. א, דאָס גאַנצע פֿעלד.

אויסזײַען — טרוו. זײַ אויף, ~געזײַט.
דורכזײַען בײַז דער נייטיקער מדרגה. צונויפֿנעמען
דורך זײַען. זײַען עטלעכע מאָל און א, אַלע
האַרטע טיילכעלעך פֿון דער פֿליסיקייט.
אויפֿזייערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רע־־
זולטאַט פֿון אויפֿזײַערן. א, פֿון קרויט.

אויסזײַערן — טרוו. ־ער אויף, ~געזײַערט.
אינגאַנצן צוגרייטן, פֿאַרטיק מאַכן מיט
זײַערן. מע דאַרף א, אָבער ניט איבערזײַערן
קרויט.
אויפֿזײַערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
זויער בײַז צו דער נייטיקער מדרגה. ,,די

און
אויפֿזינגען

--

גערקעס האָבּן זיך שוין אויפֿגעזײַערט, אַזוי
ווי דיר געפֿעלט".

אויסזייסן — . טרוו. זייף אויף, ~געזייפֿט.
אָ רײַבּן אַ בּיסל מיט זייף. א, דאָס גרעט.
אדיסזיכט — די, ־ן. השגחה, אויפֿזע(או).
,,און, הגאון מהור,,ר שמשון אַך ניט פֿיל
אויף זיכט עליו גיהאט", גה, 250. ,,איך גלייבּ
אַז אונטער מײַן א, וועט ער סוף־כּל־סוף ווערן
אַ שטיקל מענטש,,, ספּ, סודות. האָבּן די א,
= אַכטונג געבּן, אויפֿפּאַסן. *האָבּן די א,
איבּער (אויף) עמעצן = אויך: זײַן זײַן
אַפּוטרופּ(ו)ס. *האָבּן די א, איבּער (אויף) עפּעס =
אויך. פֿאַרוואַלטן, אָנפֿירן מיט עפּעס. *עס

.

האָט (ניט) א, פֿאַר מיר (פּר) = עס מאַכט

מיר (ניט) אויס, עס שפּילט אַ (ניט קיין) ראָלע
בײַ מיר. „נו, וואָס אַנטלויפֿסטו? קום נאָר
אַהער פֿאַר מיר האָט נישט א', אָסור„, עט,
— ,
סערקעלע. א'־לעכל = עפֿענונג אין
תּפֿיסהטיר, וואָס דורך דעם קען דער וועכטער זען
וואָס ס'טוט זיו אין דער קאַמער. "אַן אויג
אינעם א'־לעכל פֿון דער פֿאַרזיגלטער
תּפֿיסהטיר האָט אַרויפֿגעקוקט צום... פֿענצטער„,
פּ. גאָרעליק, אַמעריקאַנער, 6 ◻ 1958 I.

-

אויסזיכטיק — אַדי. פֿטמ. אויפֿמערקזאַם;
אָפּגעהיט. „זײַט א„ דאָ זײַנען דאָ דרײַ
טרעפּלעך„.
◻
אויסזיכטיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿזיכטיק.
אויפֿזיכטלאָז — אַדי. דטשמ. וואַס איז אָן
אויפֿזיבט, השגחה. אַן א, געשעפֿט. אַן א'ע
שטאָט.
אויף; זיכער — אַדוו פֿראַזע. 1. דזוו זיכער.
2. מיט אַ פֿאַלשן אָנשטעל (כּדי אָפּצונאַרן).
נעמען עמעצן (קומען צו עמעצן) א, ז, =

פּונקט ווי מע וואָלט קיין שלעכטס ניט
געמיינט, אויסניצן עמעצנס גלייביקייט, תּמימות,
ערלעכקייט. „נעם מיך ניט א, ז', איך בין ניט
קיין יאָלד“. פֿון לשון פֿון אונטערוועלט זיך
פֿאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע קרײַזן. „[ע]
האָט דאָ געטומען א, ז, די פֿעלקער צו וועלכע
ער האָט אָפּעל רט“, ל. פֿאָגעלמאַן, פֿאָר, 2 X
19. אויך: נעמען אויף נומער זיכער.
אויסזיכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿזיכערן. די א, פֿון זאַכן.
אויפֿזיכערן — טרוו. ־ער אויף, ~געזיכערט.
מאַכן זיכער(ער) פֿאַרזיכערן. א, עמעצן אַז
.
אַלץ וועט זײַן אין דער בעסטער אָרדענונג.
פֿאַרשליסן און א, מיט אַ פּרענט.
אויפֿזילבערן — ־ער אויף, ~געזילבערט.
אויפֿפּוצן מיט זילבער פֿון אויבן. א אַ כלי.
,

אויסזינג — דער, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿזינגען. דער א, פֿון לידער.
נשמהדיקער א,. „צו זײַן יום־טובֿדיקן א',,.
„פֿיר שורות פֿון רײנעם א'“, ינ, תּוך. „דער
דיכטער איז תּמיד פֿאַרחלומט, ער ווערט אָפּט
פֿון אומעט פֿאַרצערט...זײַן זעאונג — פֿון
אים ווערט פֿאַרגבֿורהט אין א, פֿון וואָרט וואָס
געבּערט...“, י. בּראָנשטיין, היימיש, 1960,
. I
אויפֿזינגען — טרוו. זינג אויף, ~געזונגען.
1. פּלוצלינג מיטאַמאָל אָנהייבּן זינגען. „די
אָפּענע ווענט פֿון מײַן הויז נעמען א, אַליין

אויפֿזינגען זיך

ווי סטראָפֿן“, הל, טרעבּלינקע. 2. דורכזינגען
וויפֿל עס איז נייטיק. א, דאָס גאַנצע ליד.
3. אויפֿגיין ווי אַ געזאַנג (אוטוו). עס זינגט
אויף די פֿרייד (די ליכט) אין אים. *עס האָט
אין אים אויפֿגעזונגען = געוואָרן פֿריילעך,
פֿריידיק ביז צום (ווען) זינגען. 4. אָנגעבּן,
מאָנען אַ צו הויכן פּרײַז. „אוי, האָט ער
אויפֿגעזונגען, עס איז מיר אַזש פֿינצטער געוואָרן
אין די אויגן פֿון אַזאַ פּרײַז“.

▯

אויסזינגען זיך — אוטוו, קזוו. זינג זיך אויף, זיך ~געזונגען. 1. צונויפֿזינגען זיך, זינגען אַזוי אַז אַלע קולות זאָלן שאַפֿן אַ האַרמאָניע. א, זיך אין איין כאָר. 2. צונויפֿרעדן זיך. א, זיך וועגן פּרײַז. 3. דז וועגן טאָן אומרעכט, טאָן פֿאַרבּרעכנס בּחבֿרותא. גנבֿ און זלאָדי זינגען זיך אויף.

▯

אויסזינדיקן — ־יק אויף, ~געזינדיקט. אוטוו — מיטאַמאָל אָדער ווידער, פֿונדאָסנײַ אָנהייבּן זינדיקן. א, אויף דער עלטער. טרוו — פֿאַרזינדיקן. „וואָס האָבּ איך דאָ אויפֿגעזינדיקט קעגן אײַך?“, רייד.

▯

אויסזינקען — אוטוו. זינק אויף, ~געזונקען. היפּוך פֿון פֿאַרזינקען, אײַנזינקען; אַרויפֿקומען פֿון אויבּן. א, פֿון דער טיפֿעניש פֿון ים.

-

אויסזיסן — טרוו. זיס אויף, ~געזיסט.
פֿאַרזיסן, מאַכן אַ ביסל זיס. א, אַ געבעקס, אַ
מאכל.

אויסזיפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿזיפּן.

אויסזיפּן — טרוו. זיפּ אויף, ~געזיפּט.
זיפּן וויפֿל עס איז נייטיק. א, מעל אויף אַ
געבעקס ברויט. 2. צונויפֿזיפּן, צונויפֿברענגען
דורך זיפּן. א אַ הויפּן מעל.

,

- -

אויסזיסץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿזיפֿצן.
פּלוצעמדיקער, אומגעריכטער זיפֿץ.

□ □

אויסזיסצן — אוטוו. זיפֿץ אויף, ~געזיפֿצט.
מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) אָנהייבֿן זיפֿצן.

,

“אוי וויי, עמך ישׂראל צריכים פּרנסה! [ער
האָט הויך אויפֿגעזיפֿצט און זיך צעוויינט“,
אַש, תּהיליט ויִד.

□ □

אויסזיסצעניש — דאָס (די), ־ן. ( )
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿזיפֿצן.

□

אויסזיצן — אוטוו. זיץ אויף, בין (אויך האָבֿ

זן) ~געזעסן, ~געזיצן. 1. פּד. אַרויפֿזעצן זיך, אַרויפֿגיין, אַרויפֿשטײַגן. א, אויף דער בּויד, אויף דער בּאַן. „איך נעם אים אויף אויף דער פֿור, ער זיצט אויף, שטעקט מיר אָפּ אַ שלום עליכם", פּרץ, בּילדער און סקיצן. "און דער אָפֿיציר האָט פֿון פֿערד אַראָפּ אַ ווײַז געטאָן אַז די חבֿרה זאָל א'", ווײַס, שטעטל. „איך בּין אויף אַן אָקרענט אויפֿגעזעסן", אביגדור בּרכיה רוף, רינאלדאָ רינאַלדיני II, וואַרשע 1865. 2. זיצן אַ לענגערע צײַט. „שוין אויפֿגעזעסן בּין איך אַ פֿאַרחלומטער", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. א, אַ גאַנצע נאַכט בּײַ דער גאַרד. 3. זיך אַוועקזעצן אויף אַ פֿײַערלעכן אופֿן; פֿאַרנעמען אַן אַמט. א, אויפֿן כּסא־הרבּנות (כּסא־המלכות). 4. פֿון אַ ליגנדיקער פּאָזיציע זיך אויפֿהייבּן אין אַ זיצנדיקער. „דער דאָקטער לאָזט מיך שוין א, אין בּעט"..

אויסזיצער — דער, ־ס. וונ נבּ. ווער עס זיצט לעבּן בּעל־עגלה. „איך האָבּ געחלשט צו זײַן דער א', ווען מיר זענען געפֿאָרן מיט דער בּויד", רייד.

קעט. פּפֿ: ~זשליאָ ן. אויפֿזויפֿן. א,

אויסזליאָקען — טרוו. ־ ע אויף, ~

געזליאָאַ־ עמער ביר.

אויסזע — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון האָבן השגחה, אויפֿפּאַסן. דער א, אויף קליינע קינדר.

אויסזעאונג — די, ־ען. אויפֿזיכט, השגחה; אָנפֿירערשאַפֿט. „און די א, פֿון אלעזר... זאָל זײַן איבער דעם אייל פֿאַר לײַכטונג", תּי, במדבר, ד, 1(.

אויפֿזעג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזעגן. „דער א, פֿון שטאַם האָט געוויזן ווי אַלט דער בוים איז געווען". 2. אָרט פֿון אויפֿזעגן. „...דער א, זאָל דורכגיין דורכן שפּיץ און באַזיס", יאַכינסאַן, אַרבעטבוך אויף נאטורוויסנשאַפֿט, קיִעוו 1926.

-

אויסזעגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזעגן. די א, איז געווען קאָמפּליצירט און האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט.

אויפֿזעגלען — ־גל אויף, ~געזעגלט. 1. אָנציִען דעם זעגל אויף אַ מאַסטבוים. א, דעם זעגל. 2. נעאָל. ברענגען מיט אַ זעגלשיף.

,,ס'וועלן די שיפֿן בקרובֿ נאָך א, תּחית המתים“, סוצ, אין פֿײַערוואָגן.

אויסזעגן — טרוו. זעג אויף, ~געזעגט.
1. אויפֿעפֿענען דורך זעגן, צעזעגן. א, אַ קאַסטן וואָס מע קען ניט אָפּשליסן. 2. אָנזעגן וויפֿל ס'איז נייטיק. א אַ האַלבֿ פֿורל
,
האָלץ. 3. אָפּזעגן, זעגן אַ ביסל פֿון אויבן. א, דעם קלאָץ אויף אַ פֿינגער די גרעבֿ.

אויסזעטיקן — טרוו. ־יק אויף, ~ געזעטיקט. מאַכן מיטאַמאָל אָדער אינגאַנצן זאַט. א, דעם הונגעריקן.

אויסזעטיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (
מיטאַמאָל) ווערן זאַט. א, זיך מיט פֿאָרשפּײַזן.

אויסזען — זע, זעען אויף, ~געזען. אוטוו
אַכטונג געבן, אויפּפּאַסן, השגחה געבן

(האָבן). „דיא ממונים זאָלין ביפֿעלן קענין
דז ער וואול אויף זיכט, דז מן קיין מישט
ווערפֿט איבר דיא מויאר“, תקק. „דאַרום איז
ראָש־בית־דין מחויבֿ אויף צו זעהן אונ לייט
דרויף צו זעצן אויף דיא גיוויכט אונ אויף
דיא מאָסן — דז מן רעכט דר מיט אובֿ
גיט“, לט 1, 2/108. טרוו — 1. פֿאַרוואַלטן,
אָנפֿירן. א אַ געשעפֿט — פֿאַרוואַלטן; א,
—

איבער אַ געשעפֿט = בלויז אויפּפּאַסן. 2.
אָפּהיטן (ס'זאָל זײַן ווי עס באַדאַרף צו זײַן);
אָפּהיטן פֿון סכנה. א, די קראָמען בײַנאַכט.
א אַן אוצר. „נון מוז כל פּעם דא אויף

גזעהן ווערדן דש דיא פּלעטין... צו גלײַך אויז

גיין“, 'פּנקס הקהלה דק“ק רונקל', תצ“ג [בּ.
וואַכשטיין, ייִבל 󰀁י]. 3. פּלוצלינג אָדער
ווידער פֿונדאָסנײַ זען. “מע האָט אַראָפּגענומען
,
דעם בּאַנדאַזש פֿון די אויגן און ער האָט
אריפֿגעזען“, רייד.
אויפֿזען — דער (דאַס). מצ נבֿ. 1. השגחה,
אויפֿזיכט, האָבּן דעם (דאָס) א, איבּער עפּעס.
2. אויפֿמערק. ער האָט געצויגן מײַן א, צו

-

אויפּזעצונג

דעם ענין. 3. אָנזען, חשיבֿות. „דאָרטן האָט
דאָס בּוך געהאַט גרויס א'“, לר. 4.
סענסאַציע, חידוש. „אונדזערע לעזער געדענקען
נאָך וואָס פֿאַר אַן א, דער וויזיט פֿון די
מאָנאַרכן...[האָט] דעמאָלט געמאַכט“, ייִפֿאָל,
2 l885, I. “געמאַכט איין...א'...מיט איר
שיינעם שלאַנקן און רונדן וואוקס“, אמד, די
שיינע מינקע, ווילנע 󰀁188.
󰀁 󰀁
אויסזענעסטן — טרוו. ־עפֿט אויף, ~

געזענעפֿט. אַרויפֿגעבן פֿון אויבן זענעפֿט. א, אַ וואורשטל.

אויסזעעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו אויפֿזען, דער (דאָס) ←. אַן א, איבער אַלץ וואָס קומט פֿאָר. ־עכן.

אויסזעער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס גיט אַכטונג אויף אַנדערע בײַ אַן אַרבעט אָדער אין אַ געשעפֿט, לאַגער. אַן א, אין אַ וואַרשטאַט. א'ס און א'ינס אין טעאַטער. „אַז דער א, דרייט זיך אַוועק, הייבט מען אָן שמועסן צווישן זיך“, רייד. „אזו ווי זיא [= די מורעשקע] האָט נישט קיין בעל־הבית, קיין אויף זעהר און קיין אָן טרייבר איבער זיך“, מס, משלי תּקע“ד, ו, 7. 2. פֿאַרוואַלטער, ממונה. א, פֿון אַן אונטערנעמונג, פֿאַבריק, מאַיאָנטיק אע. דער נײַער א, פֿרן מושבֿזקנים. „און צום גבאי אָדער צום א, דאַרף

דאָס געלט אָפּגעשיקט ווערן“, קמ, 44 1864, No.
„דאָס איז אַ שפּײַכלער פֿון וואַנען דעם גבֿירס
אַ מענטש, אַן א, דערויף, גיט אַרויס עסנוואַרג
אַלע דאָנערשטיק געוויסע אָרעמעלײַט אױף
שבת“, ממוס, שלמה. „אַז מען איז געקומען
קויפֿן בראַנפֿן מיט אַ פֿעסל האָט דער א,
אויפֿגעמאָסטן דאָס פֿעסל... און פֿאַרזיגלט מיטן
אַקציז־זיגל“, יק. 3. אַפּוטרופּ(ו)ס,
אויפֿפֿאַסער. אַן א, איבער יתומים. “ער איז געוואָרן
מײַן פֿירער און אויפֿזעער“, מוק, מײַנע
באַגעגענישן. 4. באַאַמטער מיט אַ באַשטימטער
פֿונקציע, מיט אַ שטח פֿון אַרבעט. טוו פֿאַר
פּקיד — אויפֿזעער. למשל: מלל פֿאַרטײַטשט
'להיות פּקידים בית ה, (ירמיה, כט, 26) „אויף
זעהר“. אַזוי אויך תּי: „זאָל ער אויפֿזעצן א,
איבערן לאַנד“, תּי, בראשית, מא, 34. „מין
האָט דרינען אָנגעברייט נאָך פֿיר אוצרות צו
פֿיר א'ס“, חה. „די פֿאָרשטייערס אין יעדער
שטאָט דאַרפֿן מאַכן עטלעכע א'ס... צו זען
אויב די וואָג און די מאָס איז ערלעך“, חא,
נו/ב. [תּי פֿאַרטײַטשט אַזוי אויך שוטרים: „עס
איז געווען צום סוף פֿון דרײַ טעג זײַנען די
א, דורכגעגאַנגען אין לאַגער“, יהושע, ג, 2].
אָפּט אין צונויפֿהעפֿטן: טורמע־, תּפֿיסה־א';

צאָל־א', שטײַער־א'; סטאַנציע־א', האַפֿן־א, אאַ.
5. תּלמיד וואָס ווערט באַשטימט
אויפֿצופּאַסן אריף אָרדענונג אין קלאַס. "פֿאַרוואָס איז ניטאַ קיין קרײַד? ווער איז הײַנט דער א'?"..

אויסזעערקע — די, ־ס. ← אויפֿזעער. ספּעצ: דײַטשקע (פֿאָלקע) וואָס האָט געפֿירט די א־יפֿזיכט איבער ייִדישע פֿרויען אין די באַזונדערע פֿרויען־לאַגערן אונטער די נאַציס. געגאַנגען אין מונדירן מיט לאַנגע פּעלערינעס און מיט קאַנטשיקעס אין די הענט. בלומ.

-

אויסזעצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿזעצן. די א, אויבנאָן.

אויפּזעצן

אויסזעצן —, טרוו. זעץ אויף, ~געזעצט.
1. פֿון אַ ליגנדיקער אָדער שטייענדיקער
פּאָזיציע אַריבערפֿירן אין אַ זיצנדיקער. א, דעם
קראַנקן אין בעט. „ווער מען דיך מאָרגן א,
אויף אַ שליטן און אַהיימשיקן„, אָפּאַ, '
פֿאַרשלאָפֿן'.
2. זעצן אויף אַ העכערן אָרט. א, דאָס
קינד אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון לייטער.
3. אַרויפֿזעצן און מאַכן גרייט צו פֿאָרן.
א, עמעצן אויף אַ בויד מיט אַלע זײַנע
פּעקלעך. א, אויף דער באַן. „זאָל ער געשווינד
אַ רײַטער א, און אים נאָכשיקן פֿרעגן וואָס
ער האָט געוואָלט“, בערג, נאָך אַלעמען.
4. אַרויפֿשטעלן, אַרויפֿלייגן. א אַ קאַרניז
,
איבערן אַלמער. „אונדזער תּפֿילה און מצוות
און מעשׂים טובֿים... זאָלסטו א, פֿאַר אַ קרוין,
דו אַלמעכטיקער גאָט“, איין נײַע שס תּחינה,

פּיעטריקובֿ, 1881. „ער זעצט איר אויף אַ
גילדענע קרוין און האָט זי געמאַכט צו אַ
מלכּה“, ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן, וואַרשע
תּר“ג.

5. אַרויפֿנייען, אַרויפֿשפּיליען. א אַ
פֿע,
דער אויפֿן היטעלע. א, אַ צירונג אויף אַ
בלוזקע.

6. באַשטימען אַ העכערן, אַן אויפֿזעער,
בכלל מאַכטהאָבער איבער אַ גרופּע. „זאָל
ער [פּרעה] א, אויפֿזעער איבערן לאַנד“, תּי,
בּראשית, מא, 34. „ותּיכּף אחר מ󠄀וי ראשים
...זעהן אויף צו זעצין אודר אָפּ צו זעצין
כּפֿי אַשר יראה בעיניהם„, תּקק.

7. אַרויפֿזעצן, אַוועקזעצן אויף אַן אָרט פֿון
חשיבֿות, מאַכט. א, אויפֿן טראָן אַ נײַעם מלך.
א, דעם רבינס בן־יחיד אויפֿן כּסא־הרבנות.

8. אויפֿהייבן דעם מקח. א, דעם פּרײַז.
“מע מוז וויסן ווען נאָכצולאָזן דעם מקח און
אָפּט אויף אָנדערע סחורה אויפֿזעצן דעם
מקה„, מסדר אגרת, תקפ“ה.

9. אָפּשאַצן דעם ווערט, אָנרופֿן דעם פּרײַז.
א, דאָס הויז אויף פֿינף הונדערט קערבלעך.
„...האָט דער איין מרגליות פֿון מיר גיהאט,

האָבּ איך אים אויף גיזעצט...על שבֿעים טלר“, גה, 345.

1O. נעמען (בּאַקומען) אויף קאָמיסיע. „...ער וואָלט דר נאָך טענין: דער אים הוט די סחורה אויף גיזעצט, ער איז ממקוס אחר שולדיק... דער... מוז מחזיר זיין“, תּקק.

11. בּאַשטימען, אַרויפֿלייגן ווי אַ שטראָף; גוזר זײַן. א, קנס. „...צדקה אירי נפֿשות אויז צו ליזין, דיא תּשובֿה האָבּין דיא רבּנים אויף גזעצט נאָך אירים [= זייער] שׂכל„, ע)ה I , יח. „אלי (מזונות) פֿום מענשן [ווערן] אויף גיזעצט אם (ראָש השנה), וויא ער דש גנץ יאָר זול לעבּן אונ, ווי ער זול גיקליידט גין„, ספֿר המנהגיט, אמשט 1723. “דער מוז איין שבועת הערך טוהן כּפֿי הנוסחא אלז איהם מהאבּ“ד [= מהאב בּי] או מהבּמקום אויף גזעצט ווערדן“, הקהל דק“ק רונקל', תצ“ג [1733, ייִבּל י].

12. אַרכ. אײַנשטעלן. „איין משולח פֿון טירקן... אין קומן אונ, כּתבֿים גבּראכט אַן דעס יעניראל...ער זולט אויף זעצין איין אַקורט“

[= אַקאָרד, אָפּמאַך, וואָפֿן־שטילשטאַנד],
באַלעגערניש.
13. פֿאָרמולירן, צונויפֿשטעלן, אויפֿשרײַבן,
מחבר זײַן. א, אַ בריוו, אַ לידל פֿון קאָפּ. „איך
וויל פּעם אחד קטן כתבֿ אויף זעטצין אונ,
וויל עש אײַך זעהין לאָזין“, גה, 111. „קיין
ביכער צום לעזן האָב איך אויך ניט, אַליין
וואָס א, פֿון קאָפּ בין איך ניט אין שטאַנד“,
ליאָנדאָר, בש, ווילנע, 1887.
14 פֿאַרטיק מאַכן זאַץ אין אַ זעצערײַ
.
(וויפֿל עס איז נייטיק). א, דעם ערשטן באַנד
פֿון ווב. א, די אַנאָנסן.
15. אויפֿברעכן, אויפֿהאַקן. א, אַ טיר און
זיך אַרײַנרײַסן.
16. טאָן אַן אַרבעט גיך, ניט בעל־
מלאכהש. פֿטמ. א, עטלעכע בענקלעך אין
וואַרשטאַט.
17. ענג צונויפֿזעצן. פֿטמ. א, אַ גאַנצע
כאַל אַסטרע אויף איין באַנק. „געווען אָרט
׳
פֿאַר אַ מנין און אויפֿגעזעצט האָט מען אפֿשר
דרײַ מנינים“, רײַך.
18. (וועגן אַן עוף) אַרויפֿזעצן אויף אייער.

,,אָסור אויפֿצוזעצן תּרנגולת חול המועד“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
אויפֿזעצן זיך — ← דפֿוו. 1. אויפֿהייבּן זיך פֿון אַ ליגנדיקער פּאָזיציע און קומען אין אַ פּאָזיציע פֿון זיצן. ,,ווער עס ליגט נאַקעט אין בעט, זאָל ער זיך ניט א'“, חא, ה/א. ,,ר, חיים איז אַקעגן טאָג געקומען צו די געדאַנקען, זיך פּלוצלעם אויפֿגעזעצט, אָנטוענדיק זיך אַ כּוח“, ממוס, שלמה. ,,פֿאַר שוואַכקייט האָט ער נישט געקאָנט א, זיך, ער איז אַ פּאָר מאָל צוריקגעפֿאַלן אין קישן,,, אַש, תּהילים־ייִד.
2. זיך אַרויפֿזעצן, זיך אַוועקזעצן (אויף אַ אַ פֿור, בּאַן, פֿערד אאַ) כּדי צו פֿאָרן. ,,אלזו האָבּין מיר זיך... אויף גיזעצט אונ'... קלאקי פֿיניף [— פֿינף אַזייגער] אויז בּאמבּערג אויז

גיצאָגין“, גה, 254. ,,האָט זיך אויף גיזעצט אויף דען שליטן אונ, האָט דאש פֿערד גיטריבּן“, 'שו“ת ב“ח', פֿפֿמ, 1797 [הש I]. “דער ערל... וואָס די גאַנצע צײַט זינט פֿונעם א, זיך זײַנעם אין וואָגן, איז ער געווען פֿאַרפּאָפֿן,,, ממוס, ווינטשפֿ. ,,זי האָט זיך אויפֿגעזעצט און אַוועקגעפֿאָרן מיט אים... און איך

בין געבליבן איינער אַליין“, שע, ,גימנאַזיע'.
3. זיך צוריקציִען, חרטה האָבן. ל2.
4. טשעפּען זיך, רודפן, זיך נוקם זײַן. א,
ז אויף יענעמס קאָפּ.
י
אויסזעצעכץ — דאָס, ־ן (־ער). אויפֿזעצונג, אויפֿזעצעניש (מיט ביטול).

-

אויסזעצעניש — דאָס (די), ־ן.) געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿזעצן (זיך). דאָס א, ציט זיך לענגער ווי דאָס פֿאָרן.
אויפֿזעצער — דער, ־ס. 1. ווער עס העלפֿט בײַם אויפֿזעצן (זיך). געבן טרינקגעלט דעם א'. 2. ווער עס גיט אויף קאָמיסיע. ,,ווען איינער איז אַן א', איז דער צווייטער אַן אָנזעצער“, טוחריש ווערטל.

אויסזשאַווערן — אוטוו. ־ער אויף, ~ געזשאַווערט. אַנהייבן ראָסטן. דער אַקעראײַזן האָט פֿון ניט אַרבעטן אויפֿגעזשאַווערט.

-

-

אויפֿזשיפּען

אויפֿזשאַלעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געזשאַלעוועט. אויך מיט ז י ך. שטאַרק קאַרגן, זײַן קאַרג אַפֿילו אויף קלייניקייטן. ער זשאַלעוועט אויף אַ טרונק וואַסער.

אויסזשאַלעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. סל. מיטאַמאָל אָנהייבן אָדער ענדיקן זיך באַקלאָגן. א, זיך אויף עמעצן פֿאַר אַ באַגאַנגענער עוולה.

אויסזשאַר — דער, ־ן. אויפֿגלי. אַקט, פּראָצעס פֿון אויפֿזשאַרען. „מיט יעדן א, פֿון טאָג שפּאַנט ר, משה דער וואַסערטרעגער דורך די פֿאַרשלאָפֿענע געסלעך“, ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו.
אויפֿזשאַרען — ־רע אויף, ~געזשאַרעט.
סל. אוטוו — מיטאַמאָל ווערן אָנגעגליט. „די

קעמל־הויקערדיקע בּערג האָבּן אויפֿגעזשאַרעט
רויט“, הר, אָדמס קינדער. אויך מיט ז י ך
= שטאַרק אויפֿוואַרעמען זיך. א, זיך אויף
דער זון. טרוו — אויפֿפֿרעגלען, אויפֿבּראָטן.
א, ציבּעלעס אויף בּוימל, א, קאָטלעטן.

אויסזשוזשען — ־זשע אויף, ~געזשוזשעט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן זשוזשען,
אַרויסבּרענגען קלאַנגען ענלעכע צו זשו־זשו. פֿליגן
האָבּן אויפֿגעזשוזשעט. אַ ווינט זשוזשעט אויף
אין די בּלעטער. טרוו — 1. דורך זשוזשען
עפּעס אַפּירבּרענגען. א, עפּעס וואָס דערמאָנט
אַ ניגונדל. 2. צעטראָגן אַ רכילות,
אויסדערציילן אַ סוד, אַרײַנזשוזשענדיק אין אויער. א,
אַ רכילות, די שטאָט זאָל ענג ווערן.

אויסזשויבּן — טרוו. זשויבּ אויף, ~
געזשויבּט. פּר, פּאָד, גאַליציע. אויך: ~
זשויבּען. פֿאַרדינען אַ סך געלט און גרינג. א,
אַ בּאַרג גאָלד.
אויפֿזשוליקן — טרוו. ־יק אויף, ~
געזשוליקט. טאָן, צונויפֿקריגן אויף אַ
שווינדלערישן אופֿן. א אַ פֿאַרמעגן מיט
שווינדלע,

רײַען.
אויפֿזשומען — דזוו אויפֿזומען ←.

אויסזשומען —. טרוו. ־מע אויף, ~געזשומעט.
לאָקל, טשערנאָביל, אוקר. אויפֿוואַשן. א, אַ געוועש.
אויפֿזשורטשען — ־טשע אויף, ~
געזשורטשעט. לר, אוקר. אוטוו — מיטאַמאָל (אָדער פֿונדאָסנײַ) אַרויסגעבן בולבעדיקע קלאַנגען
(וועגן אַ פֿליסיק וואַסערל) פֿרילינג יקע

ריטשקעס האָבן פֿריילעך "אויפֿגעזשורטשעט".
טרוו — אַרויסברענגען, אויסדריקן עפּעס דורו קלאַנגען וואָס דערמאָנען זשור־זשור. די ריטשקע זשורטשעט אויף אַ פֿרילינג־לידל.

אויסזשיוען — טרוו. ־ווע אויף, ~געזשיוועט.
טל. אַרויסקריגן עפּעס (צו עסן, צו טרינקען) אויף אַ בעטלערישן אופֿן (מיט ביטול). א, אַ מלבוש אָנצוטאָן. א, כארטש אויף ווינטער.

אויסזשיוועץ זיך — →. דפֿוו. אויפֿהאָדעוועץ זיך אויף לאַסקע־ברויט (מיט ביטול). א, זיך אויף שיריים פֿון פֿרעמדע טישן.

אויסזשיסען — אוטוו. ־פּע אויף, ~ געזשיפּעט. 1. קוים אויפֿאָטעמען, מיט שוועריקייטן אַ כאפּ טאָן דעם אַטעם. "דער גוסס האָט אויפֿגעזשיפּעט נאָך אַ פּאָר מאָל". 2. אויפֿלעבן, אָנהייבן קומען צו זיך, (גראָבלעך). א, נאָך אַ שווערער קרענק. דאָס געוועלבל האָט אויפֿגעזשיפּעט.

אויפֿזשירע(ווע)ן

אויפֿזשירע(ווע)ן — טרוו. ־ירע(ווע) או ף, ~געזשירע(ווע)ט. סל. אויך מיט ז י ו. געבן איבעריקס צו עסן, שטאָפּן כדי פֿעט צו מאַכן (ביז דער נייטיקער מאָס). א,

קאַטשק□ס א□ □קעז

— טרוו. ־קע אויף, ~

געי חנוכּה, אַן אינדיק אויף פּסח.

אוי□זש

□

ז□ליאָקעט. דזוו אויסזשליאָקען ←.

אויסזשמעניען — טרוו. ־ניע אויף, ~

געזשמעניעט. צונויפֿנעמען אין אַ הויפֿן, אין הויפֿנס. א, זאַנגען און אָפּשנײַדן זיי מיטן סערפּ.

אויפֿזשעבּרע(ווע)ן — טרוו. ־רע(ווע) אויף, ~געזשעבּרע(ווע)ט. 1. צונויפֿבּעטלען, צונויפֿ־ קלײַבּן דורך אויסבּעטלען. א, בּרויט און קאַרטאָפֿל דורכצולעבּן אַ פּאָר טעג. 2. צונויפֿקלײַבּן דאָס לעצטע וואָס איז געבּליבּן צוליבּ אַ נייטיקן צוועק. א□ דאָס לעצטע און פֿאָרן זיך דאָקטערן. קוים אויפֿגעזש ט אויף פּסח. 3. דזוו אויפֿזשמעניען.

□ □

אויסהבּרונג — [...כאַווערונ□] די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿחבֿרן (זיך). די א, פּ□ן די צוויי בּחורים איז געשען זייער גיך.

אויסהבֿרן — [...כאַווערן] טרוו. חבֿר אויף, ~געחבֿרט. צונויפֿחבֿרן, מאַכן פֿאַר חבֿרים. א— צוויי שכנישע ייִנגלעך.

-

אויסהבֿרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן חבֿר, זיך באַפֿרײַנדן. „דאָ וועט מען פֿאַרציִען אָרנדזערע וואונדן, זאָגט ווינטער... מיט וועמען איך האָב זיך שוין אויפֿגעחבֿרט", ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.

אויפֿהוצפּה(נע)ן — [...כוצפּען] אוטוו. חוצפּה אויף, ~געחוצפּ□ט. פּלוצלינג ווערן חוצפּהדיק, אַרויסקומען מיט עפּעס אַ חוצפּה. א, קעגן אַ טאַטן, קעגן עלטערע. אויך מיט ז י ך = דער זעלביקער באַטײַט.

-

אויסהושכן — [...כוישעכן] אַקוזוו. חושך אויף, ~געחושכט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) פֿינצטער מאַכן, פֿאַרשאַפֿן צרות. „נאָך מײַן וויסטער וואָך האָט מיר דער בנאָק אויפֿגעחושכט אַ שבת", רייד.

-

אויסהזירן — [...כאַ'זערן] טרוו. חזיר או􏰀ף,
~געחזירט. אָנחזירן, אויפֿברודיקן. א, אַ
􏰀וופּ אַז מע זאָל ניט קענען אַרײַנגיין אַהין.
אויסהזרן — [...כאַזערן] מרוו. חזר אויף,
~געחזרט. ווידער פֿונדאָסנײַ איבערחזרן. א,
,
ג􏰀טיכטע פֿאַרן עקזאַמען.
אויסהידושן זיך — [...כידעשן] אוטוו. חידוש
זיך אויף, זיך ~געחידושט. פּלוצלינג
אָנהייבן זיך וואונדערן, זיך חידושן. א, זיך אויף
(מיט) דער נײַער המצאה. דערהערט אַזוינס,
האָט ער זיך אויפֿגעחידושט.
אויפֿהיותן — [כיִ'עסן] טרוו. חיות אויף, ~
געחיותט. אַרײַנברענגען חיות, מוט, אויפֿלעבונג,
טרייסט. א, עמעצן מיט אַ גוטער בשׂורה. מיט
ז י ך — אוטוו. אָנהייבן זיך קוויקן מיט עפּעס.
אויפֿהילופֿן — [...כי'לעפֿן] טרוו. חילוף אויף,
~געחילופֿט. דורכפֿירן אַ בײַט ביזן סוף. א,
שמאַטעס אויף טראַנטעס. „אַז מע קען ניט
אויספֿאַרקויפֿן, קען מען א, דעם רומל אויף
גאַנגבאַרע אַרטיקלען“, רייד.
אויפֿהכמה(נע)ן זיך — [...כאָ'כמען] אוטוו.
חכמה זיך אויף, זיך ~געחכמהט. (שפּאַסיק,

איר) אַרויסקומען מיט אַ חכמה(לע). א, זיך מיט אַ ווילד שפּיצל; א, זיך מיט הויך־קלינגענדיקע פֿראַזעס.

אויפֿהלומען — [...כאָ'לעמען] טרוו. חלום אויף, ~געחלומט. 1. אַרויסבּרענגען אַ פֿאַנטאַסטישע זאַך, עפּעס וואָס איז אין סתּירה מיט (קעגן) דערווירקלעכקייט. א, אַ מאָדנעם פּלאַן. 2. אויפֿפֿאַנטאַזירן (עפּעס וואָס איז שיין, דערהויבּן). א, אידעאַלע בּאַציאונגען צווישן מענטשן.

אויפֿהנפֿע(נע)ן — [...כאַ'נפֿען] אוטוו. חנפֿע אויף, ~געחנפֿעט. דערהייבּן עמעצן דורו חניפֿה. א, דעם פֿאַרריסענעם נאַר, ער זאָל זיך האַלטן פֿאַר אַ לאַנד־חכם.

אויפֿהקירהן — [...כקירעה טרוו. חקירה אויף, ~געחקירהט. אויפֿטאָן עפּעס נײַס, אַרויסדרינגען עפּעס דורך אַ חקירה. א, אַ חידוש וואָס האַלט זיך אויף הינערשע פֿיסלעך. אויך מיט ז —ך.
׳

אויסהקרנען — [...כאַקרענען] טרוו. חקרן אויף, ~געחקרנט. צונויפֿפֿירן, צונויפֿבּינדן, אַנאַליזירן, אויפֿעפֿענען דורך זײַן אַ Iקרן,

מיט אַ מעטאָד פֿון (כּלומרשט־)לאָנישע

אַרויסדרינגענישן. א, אַ גאַנצע שיטה, ן ווי

שפּינוועבס. אויו מיט ז י ך — אוטוו. א, זיו

וועגן זאַכן וואָס שטייען בּרומו של עולם.

-

אויסהרשן — [...כיי'רעשן] טרוו. חרש אויף,

~געהרשט. מיטאַמאָל דערגיין, דערוויסן זיך

אַ סוד. א אַלץ פֿון אונטער די נעגל.

,

אויסהשבונוג — [...כעזשבּענוגג] די, ־ען.

פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿחשבּונען.

אויסהשבוניש — [...כעזשבּעניש] דאָס (די),

־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון

אויפֿחשבּונען.

אויסהשבּונען — [...כעזשבּענען] טרוו. חשבּון אויף, ~געחשבּונט. 1. אויפֿרעכענען, צונויפֿרעכענען. א, דעם רווח. 2. מאַכן אַ באַלאַנס, אונטערציִען אַ סך־הכּל פֿון טואונגען, פֿירונגען. „אָדער ער איז אַ בעל־חשבּון, דאָס הייסט ער חשבּונט זיך [= פֿאַר זיך] אַלעמאָל אויף די מעשׂים וואָס ער האָט געטאָן, און טוט תּיכּף תּשובֿה“, נצ2, קכג/ב.

-

אויסהשבּונען זיך —־ קזוו. ← דפֿוו. זיך אויסרעכענען קעגנזײַטיק.

אויפֿהתמע(נע)ן — [...כאַס'מענען] טרוו. חתמע אויף, ~געחתמעט. 1. אויפֿדרײַסן דעם חותם, טעמפּל. „...הײַנט איז ער אַ בעלן אָפּצונעמען אויף דער פּאָסט אַ פֿרעמדן בריוו, אים א, און לייענען“, קמ, 2 1868, No.
2. אויפֿשרייַבן (שפּאַסיק). חתמע אויף דײַן נאָמען, לייג אַוועק דעם טאַטן.

-

אויסהתמענען זיך — ← דפֿוו. 1. געבֿן אויף עפּעס די אייגנהאַנטיקע אונטערשריפֿט, באַשטעטיקן מיט דער אייגענער חתימה. 2. אויפֿעפֿענען זיך (ווי פֿון זיך אַליין). דער בריוו האָט זיך אויפֿגעחתמעט.

אויסטאָג .־ דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטאָגן; אויפֿבלי; אויפֿקום. „דאָס ערשטע מענטשלעכע פּנים, וואָס איך האָב דערזען בײַם א, פֿון מײַן לעבן“, ל. שאַפּיראָ, נאָוועלן.

אויפּטאָן

אויף טאָג — אַדוו פֿראַזע. ערבֿ טאָג; אין ריכטונג פֿון טאָג. אָנדײַטנדיק דעם אָנקומענדיקן טאָג. אַ סימן אויף טאָג. „איר פּנים האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פֿון אים ביז ס'האָט אָנגעהויבן שאַריִען אויף טאָג“, שעליובסקי, „אין בויד,.

-

אויסטאָגן — אוטוו, אומפּ. טאָגט אויף, האָט ~געטאָגט. 1. אָנהייבן טאָגן, אָנהייבן צו ווערן טאָג. לסוף האָט אויפֿגעטאָגט. 2. אויפֿגיין, אויפֿשײַנען, גליקלעך אויפֿקומען. „ אויפֿגעטאָגט האָט אונדזער לעבן, אַ קינד האָט אונדז אַ מויל געגעבן„, אַלף כּץ. אַ נײַע וועלט וועס א'.

אויפֿטאַדלען — טרוו. ־דל אויף, ~געטאַדלט. מיטאַמאָל אָנהייבן טאַדלען. א, עמעצן פֿאַר אַ שלעכטער אַרבעט.

אויפֿטאַטוּאירן — טרוו. ־איר אויף, ~(גע)־ טאַטוּאירט. דזוו אויסטאַטוּאירן ←.

▯

אויסטאָטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~ געטאָטשעט. 1. אויפֿבויערן, אויפֿעגבערן, מאַכן אַן אויסהוילוגג. רעגנס האָבן אויפֿגעטאָטשעט דעם שטיין. 2. אויפֿיאַדען, אויפֿעסן, אויפֿגריזשען. "ביז די צרות און ליידן וועלן אונדז ניט א'...און אײַנשלינגען ווי דער קבֿר", י״ל, פּוילישע ייִנגל, אַדעס, 1895.

-

אויסטאַ — ← אויפֿטײַען.

אויפֿטא (ק)ען — טרוו. אַפּ(ק)ע אויף,

-

- -

~געטאַלאַפּ(ק)עט. אוקר, וורר. אָנטראָגן

שמוץ יר — טרוו ־ליר אויף, ~

געטאַן .

יט די פּיס. א, די דילן, די פּאָדלאָגע.

-

אדיסטאָ

לירט. ווידער, פֿונדאָסנײַ טאַלירן קאָרטן (און

ז — ליי ענ — טרוו ־טשע

מאַ ען .

למאַיִ אָ

ט אויף,

פֿ רהייט).

אויסטאָ

~געטאָלמאַטשעט. סל. אויך: ~טאָ

טשעוען, ~טלומאַטשען. אויפֿקלערן,

געבן צו פֿאַרשטיין (עמעצן וואָס איז ניט

שאַרף), א, עפּעס אַזוי אַז אַ קינד אין וויג זאָל עס פֿאַרשטיין.

אויפֿטאַלעבּענדען — טרוו. ־דע אויף, ~ געטאַלעבּענדעט. פֿאַרענדיקן עפּעס טאָן אויף אַ פּאַרטאַטשישן אופֿן. א אַ שטיקל אַרבּעט אַז
,
מע זאָל עס בּאַדאַרפֿן אַרויסוואַרפֿן.

אויפֿטאָלקעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געטאָלקעוועט. סל. אויפֿקלערן, געבּן צו פֿאַרשטיין (מיט אַ סך רייד). א, די זאַך, מאַכן יאַוונע
ו אַסנע.
י

אויפֿטאָלקעווען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. צונויפֿרעדן זיך, בּיזן סוף דורכקומען. א, זיך אויף אַ גוטן אופֿן.

אויפֿטאָן — טרוו. גראַמ, פֿאָרמען ← אויסטאָן.

1. פֿאַרענדיקן טאָן אויף אַ גוטן אופֿן *א, אין אַ געשעפֿט = (אַ סך) פֿאַרדינען אָדער אויסבּרייטערן דאָס געשעפֿט. *א, אין אַ מלאָכה = זיך פֿאַרפֿולקומען אין איר. „אַ ייִד קאָן געשיקטער א', האָט [דער פּריץ] געהאַלטן, און אָן 'מאָשקען, אָדער 'שמולקען, האָט ער זיך נישט גער פֿון אָרט“, יק. „מע מוז א„ זײַן גבֿידישער נאָמען זאָל נישט פֿאַלן“,

ספּ, ייִדישע ־ קאָלאָניסט. „וועט ער דאַרפֿן... פֿאַרצעלירן די טשוכּינער וועלדער. דאָ איז זיכער פֿאַראַן פֿיל אויפֿצוטאָן„, מ. בורשטין, גורל.

אויפֿטאָן

2. דורכפֿירן אין לעבן, פֿאַרווירקלעכן; קומען צו אַ ציל. „ער האָט אַ סך אויפֿגעטאָן: ער האָט געשאָסן די לבֿנה!„, פֿוול [איר וועגן עמעצן וואָס האָט כלומרשט עפּעס אויפֿגעטאָן]. „אַליין קוועלט ער אָן, שמעלצט זיך ממש פֿאַר שׂמחה, אַקוראַט ווי ער האָט ווער ווייסט וואָס אויפֿגעטאָן“, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. „איך וועל וויסן אַז איך האָב עפּעס אויפֿגעטאָן בימי חיי הבֿלי עלי אדמות“, פּיעטרושקאַ. „אָן [נפֿש החיונית] וואָלט דער נפֿש האלקית גאָרניט געקענט א, אין דעם גוף“, תּניא, פּט. „די מעדיצין צו מאַכן טיפֿער, רײַכער, די ויסנשאַפֿט זאָל א, וואָס זי וויל — האָט מען געשניטן לעבעדיקע בײַכער און אויסגעפּרוּווט אַ גיפֿטיקן באַציל“, מעג, איצטער. *א, וואונדער, וואונדערלעכע זאַכן (מעשׂים) = דערגרייכן אַזוינס וואָס מע האָט זיך ניט געקענט

ריכטן אויף דעם, בײַקומען גרויסע שוועריקייטן. *א, וואונדיירים = דז וואָס פּריִער (געוויינטלעך מיט ביטול).
3. אויספּועלן. וואָס וועט דער שתּדלן שוין א'? א, עפּעס בײַ נאַטשאַלסטווע. ,,דער אָמן פֿון אַ קינד קען זייער פֿיל א, אין די הימלען, מער ווי דאָס גאַנצע דאַווענען פֿון גרויסע,,, אַש, תּהילים־ייִד. ,,דער קול השופֿר אין אלול וועקט אויף...אין רעיון לויפֿט דורך אַז עס זײַנען ימי־רצון און אין די טעג קען מען גאָר אַנדערש א'“, לדבֿ, קט"ז.
4. איבעראַנדערשן, בײַטן. ,,זיי האָבן שוין יער באַשלוס און איך וועל אים ניט א,,,, רייד. ,,אַ פֿאַס תּרומה, וואָס אין איר איז געוואָרן אַ ספֿק טומאה...[זאָגט] רבן גמליאל: ער זאָל אין איר גאָר קיין נײַס ניט א'“ [= ניט בײַטן קיין שום זאַך, לאָזן ווי זי איז], זרעים, עט/ב. ,,...ווילן איבערדרייען דאָס רעדל...א, זאַכענישן וואָט ס'איז שוין לאַנג עבֿר זמן“, ממוס, שטןרעמצײַט.
5. אויסגעפֿינען נײַס, מחדש זײַן אין לערנען (אויך בײַם שטודירן, אין וויסנשאַפֿטן).
*א אַ פּשטל = אויסטראַכטן, אַרויסקומען
,

מיט אַ נײַ פּשטל. א אַ סבֿרה, אַן הסבּרה, אַן

,

אייבּער־הסבּרה. *א, אין נגלה = א, בּײַם
לערנען תּורה, תּלמוד, מפֿרשים. *א, אין נסתּר
= א, אין קבּלה. *א, אַ נײַעם שׂכל = א,
עפּעס נײַס און שׂכלדיקס (געוויינטלעך וועגן
לערנען). ,,גרינגער אויפֿצוטאָן אַ נײַעם שׂכל
איידער אָנצופֿילן דאָס בּײַכל“, שוו. ,,די לומדים
מיט די שאַרפֿע קעפּלעך האָבּן זיך שטאַרק
פֿאַרטיפֿט אין דעם ענין, אויפֿגעטאָן אַ סך
סבֿרות, אויסגעטײַטשט אים גאָר אויף אַן
אַנדער אופֿן“, ממוט, ,צוריק אַהיים'. ,,...א, אַ נײַעם
שׂכל, סײַ אין הלכות, סײַ אין אגדות, סײַ אין
נגלה, סײַ אין נסתּר,,, תּניא. א, אַ שפּיצל =
אויסטראַכטן אַ קונץ, אַ חכמהלע (אָפּצוטאָן,
אויסצולאַבּן). א, אין כעמיע פֿיזיק אע =

,

א) אויסגעפֿינען עפּעס נײַס אין אָט דער
וויסנשאַפֿט; בּ) שטאַרק פּראָגרעסירן אין שטודירן
די וויסנשאַפֿטן.

6. אויפֿעפֿענען, אויפֿמאַכן. ,,איך וויל מײַן
מויל ניט צו בּייזן א', אָבּער...“, טעגדלאַו, 613.
מלל פֿאַרטײַטשט 'ואנכי פּציתי פּי, (שופֿטים
יא, 35) ,,אויף גיטאָן“ [תּי: “האָבּ געעפֿנט מײַן

מויל“]. „דא קונט ער דענוך ניט אויף טון
קיין אויג, אזו וואַרן זי אים צו גיבּאכן“,
בּבֿא־בּוך, 227. „...ווער קומין בּבֿית הפּרנס
און, איין חדר אויף ׳.טאָן, האָט ער גיזעהן...„
כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם, 1669 [פֿש III].
„אבּר דא זיא דען בּריבֿ לאָזין אויף טאָן פֿון
דיא קויף לייט...“, אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר
ש“ץ, פֿירט 1694 [פֿש III]. „דער [מלאך] האָט
אין זײַן האַנט דרייא שליסלן, ער טוט אויף
דרייא ט׳רין... זעהן זיא דאש ליכט פֿון דער
וועלט“, נצ1, טז/בּ. „דער בּן אדם זאָל זײַן
מויאל צום בּיזן ניט אויף טאָן“, ׳עיון, 1/56.
„די לעפֿצן טו איך אויף דײַן וואָרט צו טרינ..
קען שטעטיקלעך [= שטענדיק] בּאַרייט“, צײַט,
'ליד אין עבֿרי־טײַטש'. „די גרויסע לומדים
אַרום טיש האָבּן אָנגעשטרענגטע אויפֿגעטון
די אויערן“, ייִט, פּוילן II. “פֿון מיַי׳ט־וועגן
זאָל ניט נאָך אַ מאָל אויפֿגעטאָן וערן מײַן
מוטערסלייַב„, צור, תּולדות. „ווען זיי מעכטן
[דאָס] האַרץ א, תּשובֿה צו טאָן„, צור,

הפֿטרת יתרו.

7. צונעמען. אַרכ. „און, אויב מן עש אין י״ד ימים ח״ו ניט קענט משתדל זײַן [מע זאָל באַשטעטיקן די אויסגעקליבענע], דא זאַל מן דיא חותמות [= שטעמפּלען] אויף טון פֿון ד‌ נבֿררים חדשים“, תּקק.
י

אויסטאָן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
1. ווערן אויפֿגעטאָן, געמאַכט אַזוי ווי פֿון זיך, אָן אָנשטרענגונג. די אַרבעט האָט זיך אויפֿגעטאָן. 2. עפֿענען זיך. „די שאַרפֿע אויערן פֿון ערל אַלעקסיי האָבן אין טיפֿסטן שלאָף זיך אויפֿגעטאָן, ווען דער הייליקער ייִד האָט גערופֿן“, ייִט, טמז, 5 II 1959.

אויסטאַנץ — דער, ־ן. אָקט פֿון אויפֿטאַנצן. „דערזעט איר... אויך אין זײַן שרײַבן דעם פּלוצלינגן אויפֿהייב און א', די גרייטקייט ז ך אַוועקצוטראָגן“, צײַט, טמז, 4 XII 1959.
י

אויסטאַנצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטאַנצן.

אויפֿטאַנצן — אוטיו. טאַנץ אויף, ~געטאַנצט.
1. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) אָנהייבן טאַנצן. א, פֿאַר שׂמחה. 2. אויפֿשפּרינגען.

א, בײז צו דער סטעליע.

אויפֿטאַנצן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
1. צונויפֿטאַנצן זיך, זיך צופּאַסן אין (בײַם) טאַנצן מיט עמעצן. א, זיך מיט אַ גוטן פּאַרטנער. 2. אָפּמאַכן יד־אַחת, טאָן ניט־כּשרע זאַכן, וואָס ס'לוינט זיך פֿאַר ביידע צדדים, (מיט ביטול, פּעיאָ). א, זיך ווי גנבֿ מיט זלאָדי [= גנבֿ].

▯

אויסטאַסעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געטאַסעוועט. 1. דזוו אויסטאַסעווען ←. 2. צונויפֿמישן. א, ריינע מיט אומריינע.

-

אויסטאַסקען — טרוו. ־קע אויף, ~ געטאַסקעט. אוקר. סל. 1. צונויפֿנעמען, צונויפֿשלעפּן. א, שמאַטעס פֿון דער גאַנצער וועלט. 2. אַרויפֿשלעפּן. א, די ציג אויפֿן בוידעם.

-

אויסטאָפּטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~ געטאָפּטשעט. צוזאַמענטרעטן, איינטרעטן. מיט שווערע טריט אַרײַנבראַגעגען בלאָטע, שמוץ. א, מיט די שטיוואַל(י)עס אַ קאַלוזשע אויפֿן דיל.

אויפֿטאָרען

▯

▯

אויסטאָפּטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך צונויפֿקוועטשן, זיך צונויפֿדריקן.
אויפֿטאָפּ(י)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אויף, ~ געטאָפּ(י)עט. סל. 1. אויפֿשמעלצן, צעלאָזן. א, וואַקס אויף ליכט. 2. האַלטן שפּײַז אַ לענגערע צײַט אין אויוון כדי עס זאָל ווערן אַזוי ווי איין שטיק. א, פֿלייש און קאַרטאָפֿל. 3. לאָקל. (טשערנאָביל אאַ). אַרײַנשטעלן

זויערמילך אין אַ וואַרעמען אויוון ס'זאָל זיך זעצן,
כּדי מאַכן פֿון דעם קעז.
אויפֿטאָפּ(י)ען זיך — אומוו. ← דפֿוו. זיך
אויפֿשמעלצן, זיך צונויפֿקאָכן, זיך פֿאַרקאָכן.
אויפֿטאָפּלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטאָפּלען. די א, פֿון צאָלן.
אויפֿטאָפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~
געטאָפּלט. 1. דזוו אויסטאָפּלען ←. 2. פּר.
פֿאַרגרעסערן אין עטלעכע מאָל. א, אין זיבן (
זיבעציק) מאָל אַזוי פֿיל.

אויסטאַפּן — טרוו. טאַפּ אויף, ~געטאַפּט.
1. אָנטאַפּן עפּעס פֿון אויבן. א אַ גוליע,

,

אַ געשוויר. 2. זיך דערוויסן דורך
הינטערגענג, אַרום און אַרום. א, אַלץ וואָס עס שפּילט
זיך אָפּ הינטער פֿאַרריגלטע טירן.
אויפֿטאַפּ(ע)צירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעוולטאַט פֿון אויפֿטאַפּעצירן.
אויפֿטאַפּ(ע)צירן —. טרוו. ־ציר אויף,
~(גע)טאַפּעצירט. אויפֿפּוצן דורך טאַפּעצירן.
לכּבֿוד יום־טובֿ א, דעם זאַל מיט נײַע טאַפּעטן.

אויסטאָקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿטאָקן. די א, פֿון די
קײַלעכדיקע פּיסלעך (פֿאַר מעבל).
אויפֿטאַקט — דער, ־ן. מוזט (פּראָזאָדיע).
דזוו פֿאָרטאַקט. טייל פֿון טאַקט בײַם אָנהייב
פֿון אַ טאָנאַציע.

אויסטאָקן — טרוו. טאָק אויף, ~געטאָקט.
1. (פֿאַרענדיקן) טאָקן ביז נייטיקער מאָס,
מדרגה. א אַ גאַלקע. 2. אויפֿטאָן עפּעס
,
זייער פּרעציז. גלאַטיק א, אַ ליגן.
אויפֿטאַראַבאַנ(י)ען — טרוו פֿאָרמען ←
.
אויסטאַראַבאַניען. אויפֿפּויקן. א, אַ טרעוואָגע.

אויסטאַראַכקען — ← אויפֿטראַכקען.
אויפֿטאַראַראַמע(װע)ן — ־ראַמע(װע) אויף,
...,געטאַראַראַמע(װע)ט. אוטוו — מיטאַמאָל
מאָכן אַ טומל, טאַראַראַם. א אַזש הימל עפֿן

,

זיך. טרוו — עפּעס דערגרייכן דורך אַ
טאַראַראַם. א, אַ טומל, אַן אָנגעלאַף.

-

אויסטאָרגעוועז — טרוו. ־ג□ווע אויף, ~
געטאָרגעוועט. סל. אויף אַ טאָרג, בײַ אַן
אויקציאָן אויפֿדינגען, אויפֿהאַנדלען, אויפֿקויפֿן. א,
אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט.

-

אויסטאָרגעוועז זיך — אוטוו, קזוו. ←
דפֿוו. דורכקומען צווישן זיך אין פּרײַז. א,
זיך און טרינקען מאַהאַריטש.

□

אויסטאָרמאָשען — טרוו. ־שע אויף, ~
געטאָרמאָשעט. רוסיצ. אויפֿטרייסלען,
אויפֿשאָקלען, אויפֿוועקן. א, עמעצן פֿון שלאָף.

-

אויסטאָרען — טרוו. ־רע אויף, ~געטאָרעט.
אויך: ~טאָרטשען, ~טאָרקען.
1. שטופּן, שטויסן אויף אַרויף. א, אַ ▯גן
פֿון אָרט. א, בּאַרג־אַרויף. 2. אויפֿוועקו דורך
שטויסן, שטופּן.

▯

אוי▯טאַשן

▯

אויסטאַשן — טרוו. טאַש אויף, ~געטאַשט.
דזוו אויפֿטאַסעווען ←.

▯

אויסטו — דער. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿטאָן (←). שוין איין מאָל אַן א'! —

געוויינטלעך איר. ‘‘אין דער היים וועל איך
זײַן אַ בעלן ווײַזן מײַן א'‘‘, ממוט, שלמה. „די
ליבשאַפֿט צו גאָט וועלכע איז פֿאַראַן בײַ אים
באַהאַלטענערהייט איז אינגאַנצן ניט זײַן א,
און זײַן עובֿדה‘‘, תּניא, מא. 2. פּלאַן,
געדאַנק, שׂכל. ‘‘וועמענס א, איז עס? וועמען איז
עס אײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ?‘‘ ‘‘מע וויל בשעת
די וויבאָרעס מיך וויילן דאָ פֿאַר רבֿ. און
ווייסטו וועמענס א, דאָס איז?‘‘, ממוט, פּריזיוו.
3. חידוש, אויסגעפֿינס. „איך...האָב הנאה
פֿרן מײַן דרשה...דאָ שטעל איך אַרײַן אַ
צאַצקע, דאָרט מאַך איך אַ נײַעם קנייטש, אַ נײַעם
א, — איך האַלט שוין בײַ 'ובֿא לציון גואל'‘‘,
ממרס, 'בישיבה של מטה'. „דער וואָדעוויל,
דער ראַריאָ אַרן אַלע אַנדערע א'ען פֿון דער
ציוויליזאַציע...‘‘, ש נ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער. „דער רבי האָט נישט בלויז געלערנט,
ער האָט געשריבן א'ען אין לערנען‘‘, באַש,
פֿאָר, 4 .7 1961 □ I. שפּיצל, שווינדל. אַ
גנבֿישער א'. זײַן בלינד צו די אייגענע א'ען [קען
אויך זיך ציִען צו אַנדערע בבֿ].

□

אויסטואונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטאָן.

אויפֿטואיק — אַדי. וואָס קען (האָט די
אייגנ□פֿט פֿון) אויפֿטאָן. א'ע אונטערנעמונגען.

ש

אויסטואיקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿטואיק. „...די
אויסשליסונג פֿון יעטוועדער וויסן און אַנדערע
סימנים פֿון געמינערטער א'“, מוו, איבֿז פֿרויד,
אַרײַנפֿיר אין פסיכאָאַנאַליז. „...מיט דער
פֿאַרקלענערונג פֿון דער עקאָנאָמישער א'“, מוו,
היטלערט פראָפֿעטאָרן.

אויפֿטויטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געטויטשעט. פּאָד, וואָלין, מג. אויפֿקלאַפּן,
צונויפֿשטויסן, צונויפֿדריקן, צונויפֿקוועטשן. א,
געקאָכטע קאַרטאָפֿל פֿאַר די גענדז. א, דעם
עולם אין איין אָרט.

-

אויסטויטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
צונויפֿפרעסן, צונויפֿקלײַבן זיך אין אַן
ענגשאַפֿט. א, זיך הונדערט מענטשן אין איין
לאָקאַל; א, זיך קאָפּ אויף קאָפּ.

-

אויסטויך — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטויכן.

-

אויסטויכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטויכן.

-

אויסטויכן — אוטוו. טריך אויף, ~געטויכט.
1. אַרויפֿקומען אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון אַ
טיפֿעניש. א, פֿון וואַסער. 2. אַרויפֿקומען
אַזוי ווי פֿון אַ נעבל. א, אין זכּרון. א, פֿון
אונטערבאוואוסט. עס טויכן אויף זכרונות פֿון
די יונגע יאָרן. „יאָ, צו שאַרף און צו פֿרי האָט
אויפֿגעטויכט אין אים ד אַנונג פֿון
באַליידיקי
טער שיינקייט“, הל, 'די מאַמע איז געפֿאָרן'.
“אין מיר האָט אויפֿגעטויכט איר
פֿאַרטײַעטער בעס“, חג, ישיבֿה. 3. זיך פּלוצלינג
באווייזן פֿון ערגעץ. “האָט די האָדל
אויפֿגעטריכט אין שטעטל“, באש, פֿאָר. “און רחל האַט
פֿאַר זײַנע אויגן אויפֿגעטויכט...וו אַ

ווירטע הירשין“, הר, אָדמס קינדער. 4.
פֿלוצלינג אַרויסקומען (פֿון פֿינצטערניש). „אין
דער טונקעלער בויד האָט אויפֿגעטויכט מײַן
שכנס געל, לאַנג און דאַר פּנים“, פּרץ, 'אין
פּאָסטוואָגן'. „אויפֿגעטויכט האָסטו פֿאַר מיר
מיט נײַע שעהן“, נפֿתּלי גראָם.

▯

אויסטויען — אוטוו. טוי(ע) אויף, ~געטוי(ע)ט.
1. זיך באַדעקן מיט טוי. קעגן זונאויפֿגאַנג
האָט די לאָנקע אויפֿגעטויעט. 2. פּלוצלינג
אָנהייבן אַרויסווײַזן סימנים פֿון פֿרישקייט,
יונגקייט, נײַער שפּראָצונג. „ייִדישקייט איז אַזוינס
וואָס קען אויפֿבליִען, א, און אויפֿלעבן, און
גרעסער, און נאָך גרעסער ווערן“, פּרץ, 'אַ
יונגן שרײַבערס חנוכּה'.
אויפֿטוליען זיך —, אוטוו, קזוו. ־ליע זיך
אויף, זיך ~געטוליעט. זיך צונויפֿטוליען.
„ס'איז קאַלט און די קינדערלעך האָבן זיך
אויפֿגעטוליעט אין איין ווינקל“.

אויפֿטומלען — ־מל אויף, ~געטומלט.
מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן טומלען. א, מיט אַ קנאַקערײַ, טראַסקערײַ. אקוזוו — עפּעס אויפֿטאָן דורך טומלען. א, אַן אינטערעס צו די וואַלן.

▯

אויסטון
לען
— טונקל אויף, ~געטונקלט.
— ← אויפֿטאָן.

▯

אויסטונק
אוטוו — אויפֿקומען, זיך ווײַזן, אויסטיילן זיך פֿון דעם אַרום דורך אייגענער טונקלקייט. „אויף גראָזיקע פֿעלדער האָבן צעאַקערטע שורות אויפֿגעטונקלט“. טרוו — דזוו אויסטונקלען ←. שאָטנס וועלן באַלד א, דעם האָריז▯ט.
אויסטונקען — טונק אויף, ~געטונקט, ~ געטונקען. אוטוו — אַרויפֿקומען אויף דער אייבערפֿלאַך, אַרויסבאַווײַזן זיך פֿון וואַסער. אַ קאָפּ האָט אויפֿגעטונקט פֿון וואַסער. טרוו

— טונקען ביז צו דער נייטיקער מדרגה. גוט
אויסווייקן, א, גרעט.

▯

אויסטועכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפּטאָן (בּבֿ 1 — 6).
דזוו אויפּטו ← [אָבער אין לד מיט בּײַטעם פֿון
בּיטול]. „דאָס לעבּן זײַנס פֿירט זיך נאָך זײַנע
אייגענע א'ן, פֿון אים געמאַכטע, אָנגעמאַכטע
זאַכענישן„, ממוס, ספֿר הבּהמות. „[ער] האָט
אַזוי ליבּ געהאַט אַרבּעט און א'ן“, יק. „
גרויסקייט, געניאַלע א'ן זײַנען אַ טראַף־זאַך“,
בּעל־מחשבֿות ▯י. „ער פֿרייט זיך מיט זײַנע
המצאהלעך, ער קוועלט פֿון זײַנע אייגענע
א'ער פֿון זײַנע קונצן„, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'.

,

„דער רבּי האָט זיך געבּייזערט אויפֿן טאַטן.
ס'איז אים ניט געפֿעלן ווי ער פֿירט די
ישיבֿה און ווי ער שרײַבּט איבּער זײַנע
א'ער“, בּאש, מײַן טאַטנס בּית־דין־שטוב. „הענג
זיי [די נבֿיאים] נישט אָן דײַנע גראָשנדיקע
געדאַנקען, טײַטש ניט אַרײַן אין זיי דײַנע
א'ן“, הלל זײַדמאַן, טמז, 20 l953 III.

-

אויסטועניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטאָן.

,,גרונטעוועו זיך אין ים התּלמוד, אויסלערנען

אים...מיט אַלע זײַנע א'ן פֿון זײַנע מפֿרשים“,

ממו□ו, שלמ□.

□

אויסטוער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס טוט אויף (מיט די בּבּ 5—1 פֿון ווערבּ

□

אויפֿטיוקען

אדיפֿטאָן). בּריה, איניציאַטאָר; דערגרייכער,

דורכפֿירער. ,,ער איז אַן א אַ סכּנה — ער האָט

,

געשאָסן די לבֿנה,,, פֿוול, שפּאַסיק. ,,...ר,

זעלמעלע שוחט, דער גאַנצער א, פֿון דער שׂמחה

פֿאַר הקפֿות, וואָס האָט געוואָלט אָנמאַכן אַזאַ

קאָנקורענץ די חסידים פֿון ליובאַוויטשער
בּיתהמדרש“, זש, שקלאָווער קינדער.

אויסטוערײַ — דאָס (די), ־ען. טואונג פֿון
אויפֿטוער. „וואָס ועט, איך בּעט אײַך,
אַרויסקומען פֿדן דעם גאַנצן א'?“, רײַך.

אויסטועריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויפֿטוער; פֿעאיק, זאַכלעך,
פּראַקטיש. א'ע אַרבּעט. א'ע פּלענער.
אויסטוערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון אויפֿטוער; מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿטועריש. „דאָ ווײַזט זיך אַרויס די טעכנישע
א, פֿון דעם דיכטער“, ח. ש. קאַזדאַן, ייִשפּ, י.

-

אויסטופּען — ־פּע אויף, ~געטופּעט. אוטוו
— 1. אָנהייבּן גיין שווער, האַמעטנע,
קלאַפּנדיק. “שווערע טריט האָבּן אויפֿגעטופּעט אויף
די טרעפּ“. 2. מיט ז י ך — אויפֿכּעסן זיך.
א, אויף עמעצן און זיך רײַסן שלאָגן. טרוו —

צונויפֿטופּען, צונויפֿבּרענגען. מיט די פֿיס א,
אַ בּלאָטע.

□

אויסטופּצען — אוטוו & טרוו. ־צע אויף,
~געטופּצעט. וורר. 1. דזוו אויפֿטופּען.
2. אָנהייבּן גיין מיט קליינע טריטעלעך.

□

אויסטוקן — אוטוו. טוק אויף, ~געטוקט.
אַרויפֿקומען אויפֿן וואַסער; זיך בּאַווײַזן פֿון
אונטן אויף אויבּן. אויך מיט ז י ך. „בּײַ
אַלעם דעם...טוקן זיך אויף אין דער
וועלטגעשיכטע פֿרויען פֿון גרויסן כאַראַקטער„,
אמד, די פֿרויען, וואַרשע 1872.

□

אויסטורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטורעמען (זיך).

□

אויסטורעמען — ־עם אויף, ~געטורעמט.
אוטוו — דערשײַנען מיט אַ טורעם (טורעמס)
אָדער ווי אַ טורעם. דער בּאָרג טורעמט אויף.
„בּאַלד וועלן א, פֿאַר אונדזערע אויגן די שפּיצן
פֿון קלויסטער“. טרוו — מאַכן הויך, מאַכן

(ווי) אַ טורעם. א, אַ וואָלקנקראַצער. „מע קאָן א, פֿינף־זעקס שטאָק אויף דער בינע אין דעם זעלביקן הרף־עין“, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטער. „ער האָט זיך אַ לאָז געגעבן אין די טיפֿענישן, אין ים פֿון זײַן בקיאות, און גענומען שלײַדערן מיט כוואַליעס און א, בערג אויף בערג“, ברוך האַגער, מלכות חסידות.

▯

אויסטורעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אָנהייבן זיך ציִען אין דער הייך, ווערן ענלעך אויף אַ טורעם. כוואַליעס טורעמען זיך אויף. “אַז דער קאָנדוקטאָר איז אַרויס בשלום פֿון וואַגאָן...האָבן זיך אָנגעהויבן א, קישנס“, ממוס, ,שם און יפֿת'.
אויפֿטור(ק)ען — ← אויפֿטאָרקען.

▯

אוימטיאָכקען — אוטוו. ־קע אויף, ~ געטיאָכקעט. אָנהייבן טיאַכקען. „דאָס האַרץ האָט אין אים אויפֿגעטיאָכקעט פֿאַר שׂמחה (שרעק)“.

אויסט אָפּקען — → אויפֿטאָפּטשען.
ִ

אויסטיוקען — ־קע אויף, ~געטיוקעט. אוטוו
— אויפֿשרײַען. א, אויף אַ שלעכטן רעדנער.
טיו־טיו! (אויסדרוק פֿון אומצופֿרידנקייט).

אויפֿטיטלען

טרוו — 1. צונויפֿפּאַקן אין טיוקעס. א, די סחורה. 2. אַרויפֿלייגן איין טיוק אויפֿן אַנדערן. א, איינס אויף איינס. [טיוק = גרויסער פּאַק.]
אויפֿטיטלען — טרוו. ־טל אויף, ~געטיטלט. געבן (אויפֿשרײַבן) אַ טיטל (קאָפּ, נאָמען) פֿון אַן עסיי, אַ קאָמפּאָזיציע, אַרטיקל אע. „לערער, איך וואָלט די דערציילונג אַנדערש אויפֿגעטיטלט“, רייד (קאָוונע). לעבעדיקער א, אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון ארץ־ישׂראל.

אוי□:ז טיי — אדוו פֿראַזע. צו טרינקען טיי
מיט צובײַסן (זיס געבעקס, אײַנגעמאַכטס אאַ).
פֿאַרבעטן, קומען א, ט'.
אויפֿטייטלען — טרוו. ־טל אויף, ~

געטײַטלט. אויפֿווײַזן מיט אַ טײַטל (מיט אַ
פֿינגער) וואו מע האַלט. א, די שטעל וואָס דער
חדר־ייִנגל האָט פֿאַרלאָרן.

□

אויסטײַטשן — טרוו. טײַטש אויף, ~
געטײַטשט. קלאָר מאַכן (אַזוי ווי אויפֿעפֿענען)
דורכן (אויס)טײַטשן. „ס'איז נייטיק אַז אַ
גוטער לערער זאָל ניט בלויז פֿאַרטײַטשן, ער
דאַרף א'“.
אויפֿטיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטיילן (זיך).
אויפֿטיילן — טרוו. טייל אויף, ~געטיילט.
אויפֿעפֿענען, ווײַזן דורך טיילן. א, כּדי מע
זאָל זען דאָס אינעווייניקסטע.
אויפֿטיילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
עפֿענען, (פֿון זיך) צעפֿאַלן אויף טיילן. „
צונויפֿגעקלעפּט מיט ניכטערע שפּײַעכץ — האָט
זיך עס אויפֿגעטיילט“.
אויסטײַען — טײַע אויף, ~געטײַעט. אוטוו

— 1. צעגיין (וועגן עפּעס וואָס איז
פאַרפאָרוירן). „דאָס אײַז איז נישט געווען פעסט
און האָט אָנגעהויבּן א',,, קמ, 33 l870' No.
„ער האָט געפילט ווי די דורכגעפרוירענע
גלידער טײַען אויף“, אָפּאַ, פוילישע וועלדער.
2. וערן ווייכער, אָנווערן האַרטקייט,
פאַרבּיטערטקייט   פון וואַרעמע רייד טײַעט אויף
. ,,
דאָס האַרץ“.   3. אויפקומען ווי עפּעס וואָס
איז וואַרעם. אַ געפיל פון ליבּשאַפט טײַעט
אויף בײַ אים. טרוו — מאַכן עס זאָל ניט
זײַן פאַרשטאַרט. „חוץ דעם איז א, דעם
פאַרשטאַרטן פוס בײַ אים געווען וויכטיקער ווי
לאַכן“, דעמבּלין, וועסס־סײַד.
אויפטײַען זיך — ← דפוו. זיך צעגיין, ווערן
אויס פאַרשטאַרט, פאַרגליווערט. „,...קומען אין
קרעטשמע, הייסן זיך געבּן איינס און נאָך
איינס, און ווען זיי צעוואַרעמען זיך, טײַעט בּײַ
זיי זיך אויף די צונג מיט אַ סך שבחים פאַר
ר, נאָטע סאַנדזער,,, אַהרן שאַרף, מײַן שטעטל.
אויפטײַערונג — די, ־ען. פראָצעס אָדער
רעזולטאַט פון אויפטײַערן (זיך).
אויפטייערן — טרוו. ־ער אויף, ~געטײַערט.
. ▯

מאַכן טײַערער (ווי עס איז באַרעכטיקט). א,
די פּרײַזן אויף סחורות. א, סחורה.
אויפֿטייערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך
-

(אָן אַ כּיוון, אָן ספּעקולאַציע) ווערן טײַערער.
אַז עס פֿעלט סחורה, מוז זי זיך א'.
אויפֿטײַפּן — טרוו. טײַפּ אויף, ~געטײַפּט.
אַמ. אויפֿשרײַבן אויף אַ שרײַבמאַשינקע. א,
אויף גיך דעם בריוו.

אויפֿטינטלען — טרוו. ־טל אויף, ~
געטינטלט. אויפֿשרײַבן גיך, שלעכט אָדער עפּעס
וואָס האָט ניט קיין ווערט. א, אַן אַרטיקל. א,
אַזוי אַז קיינער קען עס ניט איבערלייענען.

אויסטינקעווען — טרוו. ־ווע אויף, ~
געטינקעוועט. פֿאַרריכטן, אויפֿפּוצן דורך
טינקעווען פֿאַרשמירן מיט ליים. א, און אויפֿווײַסן
,
די ווענט.
אויפֿטיק(ע)ן — אוטוו. טיק(ע) אויף, ~
געטיק(ע)ט. אויפֿקומען אין פֿאָרעם פֿון שטילע

קלאַנגען, טיק־טיק. „אין דער טיפֿער שטילקייט... האָבן קלאַנגען געהאַלטן אין איין א'‟, אָפּא, 'פֿירשט דאָלגאָרוקאָוו'.

אוי טיש און אויף; בענק — פֿראַזע. אין (מיט) אַ גרויסן טומל, מיט אַ גרויסן געדראַנג פֿון עולם; בײַ (מיט) אַן אויפֿגערעגטן, צעהיצטן, התפּעלותדיקן עולם [= > מען איז געשטאַנען אויף דעם טיש און אויף בענק בײַ אַ קאָכעניש (טומל, סקאַנדאַל, דרשה, אַסיפֿה אאַ) אין בית־מדרש]. *עס טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. *עס איז געווען (וואָלט געווען) אויף טיש און אויף בענק.

אויסטישן — טרוו. טיש אויף, ~געטישט. פֿר (וואָלבֿרום אאַ) [אין לד פֿון 20. יה נבֿ]. 1. דערלאַנגען צום טיש; סערווירן; דעקן דעם טיש; אַרויפֿשטעלן אויפֿן טיש. „און באַלד דערויף וואַר אויפֿגעטישט אַ זילבערנע טאַץ מיט דרײַ גלעזער טיי‟, אמד. 2. מכבד זײַן, מהנה זײַן. „איינער האָט אויפֿגעטישט גוטע ציגאַרן, דער צווייטער איין גוטע בוטעלע ראָם‟, אמד. „...געטאָן אַ שטאַרקן שמעק

טאַבעק און האָט אונדז אויפֿגעטישט אַ נײַע ערציילונג“, אמד. 3. דערמאָנען, שטעלן אויפֿן סדר־היום (אַזוי ווי ווידער דערלאַנגען).
„די כּוונה פֿון אַ געוויסער דײַטשער גרופּע איז דאָ אויפֿצוטישן די מעשׂה מיט שלעזוויגהאָלשטיין קעגן פּרײַסן„, קמ, 10 1866, No.
„די דאָזיקע באַקאַנטע רעגל האַלטן מיר זיך מחויבֿ צו ווידערהאָלן בײַ אַ געלעגנהייט, וואָס איז אונדז ניט זייער ליבֿ אויפֿצוטישן„, ייִפֿאָל, 12 1883, No.

אויפֿטל◌ען — טליִע אויף, ~געטליִעט. אוטוו — 1. פֿונדאָסנײַ, ווידער, מיטאַמאָל טליִען. זיך ביסלעכווײַז צעבּרענען. אַ פֿונק האָט אויפֿגעטליִעט פֿון אונטערן אַש. 2. אויפֿקומען, אַנטשטיין (אַזוי ווי אַ פֿײַערל). ס'האָט אויפֿגעטליִעט אַ געזאַנג. די האָפֿענונג טליִעט אויף.
טרוו — מאַכן עס זאָל טליִען. אַ ווינט האָט אויפֿגעטליִעט די האָלעוועשקע.

אויפֿטעלעבענדען — ← אויפֿטאַלעבענדען.

אויפֿטענדלען — טרוו. ־דל אויף, ~ געטענדלט. אויפֿהאַנדלען, אויפֿקויפֿן אַלטוואַרג. א אַלטע אײַזנס, שמאַטעס.

אויפֿטענהן — [...טײַ'נען] טענה אויף, ~

געטענהט. מיטאַמאָל אַרויסקומען מיט אַ טענה.
א, קעגן עמעצן למאַי יענער האָט עפּעס
געזאַגט (געטאַן)... א, ווי אַ געקריוודעטער.
אויפֿטענטלען — טרוו. ־טל אויף, ~
געטענטלט. דזוו אויפֿטינטלען ←.
אויפֿפּאַטשקען מיט טינט (מיט יעדער מין זאַך צו
שרײַבן, מאָלן).

אויפּטראָגן

אויפֿטענצלען — ־צל אויף, ~געטענצלט.
אוטוו — אויפֿשפּרינגען, זיך לאָזן אין אַ
טענצל. א, פֿאַר גרויס שׂמחה. טרוו — טאָן,
דורכפֿירן עפּעס מיט פֿרייד (אַזוי ווי טאַנצנדיק).
א—אַ ברוך־הבא.

אויסטעסען —־ טרוו. ־סע אויף, ~געטעסעט.
אויפֿהאַקן, אַרומהאַקן. א, אַ קלאָץ.

אויסטעפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~געטעפּעט.
אויפֿעפֿענען, צענעמען, אַרויסציִענדיק פֿעדעם.
,,די הענטשיקעס האָב איך נעכטן פֿאַרצירעוועט,
און הײַנט האָבן די ליידיקע הענטלעך זיי

ווידער אויפֿגעטעפּעט“, רייד.

אויסטעפּען זיך — אוטוו. ← דפּוו. צעפּאַלן, צעשיטן זיך פּעדעמווײַז. דער מלבּוש האָט זיך אויפֿגעטעפּעט.

אויפֿטערכ(ע, נע)ן — טרוו. ־כע, ־כן אויף, ~געטערכעט, ~געטערכנט. 1. אויפֿשרײַבן שלעכט, אויפֿפּאַטשקען. א, די היימאַרבעט. 2. בכלל עפּעס טאָן שלעכט און אויף גיך. “האָט ער אויפֿגעטערכנט אַ פּאָר הויזן“, אָפּאַ, אונטערוועלט. *א אַ פּאָר חלות = אויך: מאַכן

,

שלעכט אַ פּאָר שיך.

אויפֿט(ע)רעלייקען — טרוו. ־קע אויף, ~געטערעלייקעט. אויך: ~ט(ע) רעלײַקען. אויפֿזינגען. אויסט(ע)רעלייקען ←.

אויפֿט(ע)רעפּען — דזוו אויפֿטעפּען ←.

אויפֿט(ע)רעפּעשטשען — אוטוו. ־שטשע אויף, ~געט(ע)רעפּעשטשעט. סל. אויפֿציטערן. א, פֿון אַן איבערשרעק.

אויפֿטראָג — דער, ־ן. 1. ספּעציעלע שליחות, באַשטעלונג, אויפֿגעבונג. אויפֿגעבן אַן א,. „דער געהיימער א, איז געווען צו נייגן די עסטרײַכישע רעגירונג אָפּצושליסן אַ האַנדלס־טראַקטאַט“, קמ, 46 1865, No. „די אַליאַנס

ʼ

איזראַעליט, האָט געגעבן אַ פּאָרוטשעניע (אויפֿטראָג) דעם דירעקטאָר...צו פֿאָרן שטודירן די לאַגע,,, ייִפֿאָל, 48 1882, No. האָבן אַן א, מיט עמעצן.

-

אויסטראָגן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. טראָגט אויף, ~געטראָגן. אָנפּוישן, אויפֿבלאָזן זיך; געשוואָלן ווערן [אין לד נבֿ]. עס טראָגט אים אויף אַ פּלייצע. ס'האָט איר אויפֿגעטראָגן דער פֿוס וו אַ קלאָץ.

ʼ

▯

אויסטראָגן — טרוו. טראָג אויף, ~געטראָגן.
1. אַרויפֿטראָגן, אַרויפֿברענגען; דערלאַנגען.
א, לעקעך און בראַנפֿן צו די מחותּנים. ,,מן זיצט זיך נון צו דין טישן. קושטליך ביגונד מן אויף צו טרגן, גיזוטן און גיברוטן הונר

און, וישן“ [=פֿישן], בבֿא־בוך, 108. 2.
אַרויפֿשלײַדערן. אַרכ. „זא מאַכט עז איין ווינד קומן
און, ליש זיא אויף טראָגן אין די היך צו דיא
זעלביג שטאַנג“, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון
ר, מאיר ש“ץ, [ריב, פֿש ▯ II].
3. צונויפֿטראָגן, צונויפֿנעמען. א,
שפּענדלעך צו מאַכן פֿײַער. א, ווי אַ מו'רעשקע זערנע
צו זערנע. 4. אויפֿהייבן, אונטערהייבן. א,
אַ זעקל מעל אויף עמעצנס פּלייצע.
5. געבן אַן אויפֿטראָג, אַ שליחות;
פֿאַראָרדענען. א, דעם בעל־עגלה צו קויפֿן און
ברענגען צו פֿירן. א, איבערצוגעבן עפּעס פּה
אַל פּה. 6. לאָזן וויסן, אָנזאָגן. „איך וועל
זען אײַער זון. האָט איר עפּעס אים

אויפֿ ▯
אויפּטראָגן זיך

צוטראָגן?“, רייד. „אונד להמדפיסים אויף
טראָגן באמשטרדם, וואָן זיא אַן מיר הבן
לתבוע אותי לדין — ווילי מיך אונטר ווערפֿין
דין־תורה“, 'בריוו פֿון משולם זלמן מדפיס,,
זולצבאַך תקט“ז [ישׂראל היילפּרין, וועד ארבע
אַרצות, ירושלים תש“ה].

7. אומפּ. אויפֿרעגן, אויפֿרייצן, אויפֿקאָכן; אַרײַנברענגען אין כּעס. „אַמאָל פֿלעגט עס מיך טאָן אַ טראָג אויף, עס פֿלעגט דערוועקן זיך אין מיר הייסע געפֿילן„, ממוס, ספֿר הבהמות. „אַז ער איז געקומען צו זיך און דערזען אַז די גאַנצע שטאָט שטייט אין סכּנות, האָט דאָס

אים אויפֿגעטראָגן אין־דער־לופֿטן“, ש
אַלטנײַ כּתרילעווקע. „זע נאָר, זע! האָט ער אָנגעוויזן אויף פֿאַרבײַלויפֿנדיקע ווײַבער... זע גאָר ווי ס'האָט זיי אויפֿגעטראָגן!„, בּערג, בײַם דניעפּער II. „טראָגט עס גדאַלקען אויף, ער שפּרינגט אַרויס אין קאָרידאָר און רופֿט...“, י. יאָפֿע, אין קעסלגרוב.

8. מאַכן געשוואָלן, מאַכן עס זאָל זיך מער אויפֿבלאָזן. ל2. אַרײַנגעבן מער הייוון אויפֿצוטראָגן דאָס טייג.

9. (דרוקערײַ) בּאַשמירן שריפֿט מיט פֿאַרבּ. פּנקס פֿון ייִד, דרוקער אין פּוילן, וואַרשע 1949.

1O. אַרכ. כּסדר טראָגן אויף זיך. „פֿר צײַטן האבּן זיא איין גנצן טאָג תּפֿילין אויף גטראגן„, מבֿ, מעשׂה יח.

אויפֿטראַגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

פֿאַרטראָגן זיך, זײַן אין פֿרײַנדלעכע בּאַציאונגען.

א, זיך מיט די שכנים ווי מיט אייגענע ברידער און שוועסטער. 2. קומען אין קאָנטאַקט. א, זיך מיט אַ מענטשן, אָבער ניט ווערן מיט אים אַ שמעלקע. „לערנען תּורה און דאַוונען מאַכן אונדז באַקאַנט מיט...לשון־הקודש, דאַמיט עס זאָלן זיך קענען אַלע ייִדן...פֿאַרשטיין און [זיך] א, איינער מיט דעם אַנדערן“, אַהרן לעווין, מקורי מנהגים, ווילנע 1873.

□

אויסטראָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿטראָגן (זיך). „די ריידשפּראַך דינט אויפֿן שטעל פֿאַר אוממיטלבאַרע א'ן“, ברידער גאָרדין, יונגער איד, ווילנע 1 1911, No.

□

אויסטראָגער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טראָגט אויף. ווער עס גיט אַן אויפֿט □ אָג.

אויסטראָגערײַ — דאָס (די), ־ען. טואונג, אַרבעט פֿון אויפֿטראָגן. „גיט מיר ניט אַזוי פֿיל א'ען. איך האָב ניט קיין צײַט פֿאַר זיי“, רייד.

▯

אויסטראַכטן — טרוו. טראַכט אויף, ~ געטראַכט. דזוו אויסטראַכטן ←, נאָר מיט בײַבאַטײַט: אַרויפֿברענגען, פֿירברענגען. א, אַזוינס וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען. „דא האב איך לאַנג אויף גיטראַכט...פֿיל...רפֿואות“, ספֿך משלים פֿפֿדמ 1686.

,

▯

אויפֿטראַכטעניש — דאָס (די), ־ן. ( ) געדויערדיקער) פּראָצעט פֿון אויפֿטראַבטן.

▯

אויסטראַכטער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טראַכט אויף. דער א, פֿון ניט־געשטויגנס.

-

אויסטראַכקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
געטראַכקעט. אויפֿקלאַפּן, אויפֿליאַרעמען מיט

446

הילכיקע קלאַנגען, ענלעכע צו טראַך־טראַך.
די וועגענער האָבן אויפֿגעטראַכקעט אויפֿן
ברוקירטן וועג.
אויפֿטראַלאַלייקען

ל יַק ,
— טרו

.

ו. ־ אוי
~געטראַלאַלייקעט. אויך: ~טראַ
אויפֿזינגען טראַ־לאַ־לאַ. א, אַ ניגונדל.
אויף[טראָמבע — אַדוו פֿראַזע. דזוו אויף
גאַפּע ←. (פֿאַרשפּרייט אין אַ עריקע).
אויסטראָמבען — טרוו. ־בע אויף, ~
געטראָמבעט. אויפֿשפּילן אויף אַ טראָמבע. א,

אַ מאָרש פֿיג. מאַכן אַ גרויסן וועזן פֿון עפּעס.

.

אויפֿטראַקטירן — טרוו. ־טיר אויף, ~(גע)־
טראַקטירט. דערלאַנגען טראַקטימענטן, געבן
כּיבֿוד. א, דעם אַלטן ווײַן (פֿאַר) דעם גאַסט.

אויסטרובען טרוו. ־בע אויף, ~
געטרובעט. 1. אויפֿשפּילן אויף אַ טרובע.
2. צונויפֿרופֿן דורך אַ טרובע. א, די
פּאַסטעכער פֿון פֿעלד.
אויסטרוימען — טרוו. טרוים אויף, ~
געטרוימט. אויסטרוימען ביז אַ הויכער מדרגה;
אויפֿשטעלן אין טרוים. א, פֿאַר זיך די שענסטע
בת־מלכּה. א, טורעמס פֿון לופֿטשלעסער.

-

אויסטרויען — טרוו. טרוי אויף, ~
געטרוי(ע)ט פֿאַרטרויען, אויסגעטרויען ביזן סוף. א,

.

אַ גוטן פֿרײַנד די אינטימסטע סודות.

אויסטרויערן — ־ער אויף, ~געטרויערט.
(אוקר, בעס: ~טראָווערן, ~געטראָווערט).
אוטוו — פֿלוצלינג, מיטאַמאָל אָנהייבן

טרויערן. „ס'טרויערן אויף אין מיר זינגענדיקע ערטער, זיי שטעלן אויס זיך אין ווערטער“,
יג. טרוו — פלוצלינג (ווידער, פֿונדאָסנײַ) אַרײַנבּרענגען עמעצן אין טרויער. א, מיט אַ בּייזער בּשׂורה.

□

אויסטרומייטערן — ־ער אויף, ~ געטרומייטערט. אויך: ~טרומייטן, ~ טרומפּייטן. אוטוו — אויפֿשפּילן אויף אַ טרומייט. „בּבֿא היש אויף טרומיטן אַז דא איז דער זיט„, בּבא־בּוך, 641. טרוו — 1. אויפֿשפּילן עפּעס אויף אַ טרומייט. א, אַ רוף. 2. צונויפֿרופֿן דורך (מיט) טרומייטערן. א, די זעלנערס.

אוי□ טרוקן — אַדוו פֿראַזע. 1. דזוו טרוקן, אינגאַנצן טרוקן. אויסווישן א, ט'. 2. עס זאָל ניט בּלײַבּן קיין סימן. צעממיתן א, ט'. „בּײַם אויספֿרעגן אין פּאָל□ציי האָט מען אים שטאַרק געשלאָגן אָבּער א, ט'“, רייד. „די ווינטן־ צענעמער צענעמען דעם בּרונעם א, ט'“ □מ□ט בּיידע בּבּ], הל.

-

אויסטריאומסירן — אוטוו. ־יר אויף, ~(גע)־
טריאומפֿירט. מיטאַמאָל אָנהייבן טריאומפֿירן.
מנצח זײַן די שׂונאים און א, נאָכן זיג.

אויסטריט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿטרעטן.
ספּעצ. 1. אַקט פֿון אויפֿטרעטן פֿאַר אַן עולם,
אין טעאַטער פֿאַר אַ געריכט אע. „דער א,
'
פֿון דעם אַקטיאָר האָט אַרויסגערופֿן בײַם עולם
הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן„. 2. טייל פֿון אַ
פּיעסע מיט אַ נײַעם אַרײַנקומען אָדער
אַרויסגיין פֿון אַ שפּילער. דער ערשטער אַקט מיט
15 א'ן. 3. מחלוקת, קעגנערשאַפֿט. „איך
אַליין האָב מיט אים געהאַט אַן א אַמאָל, האָב
'
ניט געוואָלט טראָגן דעם קאַוויאָר„, ממום,
קליאַטשע. קריגערײַ, צונויפֿשטויס. „האָט די

אויפֿטרייסלען

שטילע און קלוגע באָבע...שטענדיק אויסגעמיטן נישט־טאַקטישע און ברויזנדיקע א'ן", ייִט, פּוילן 4 .II. אַרײַנגאַנג, אַרײַנקום, דריסת הרגל. האָבן אַן א, בײַם גבֿיר פֿון שטעטל. 5. אַרויפֿגאַנג, טרעפּ. מלל פֿאַרטײַטשט 'וכבש בזהבֿ, (דבֿרי הימים ב, ט, 18) ,,איין אויף טריט" [תּי. פּוסבענקל].

.

▯

אויסטרײַבן — טרוו. טרײַב אויף, ~ געטריבן. 1. צונויפֿטרײַבן, צונויפֿקלײַבן (מיט כּוח, באַפֿעל) אין איין אָרט. א, די טשערעדעס. א, די לאַגערניקעס אויף אַרבעט. 2. אונטעריאָגן, מאַכן אַקטיווער, צוגעבן חשק, מוט. ,,אָט דאָס דאָזיקע בחורל איז טאַקע אַ שליח פֿון גאָט געקומען אויפֿצוטרײַבן דיך, אַז דו זאָלסט לסוף...", ממוס, שלמה. 3. צוזאמענקריגן, צונויפֿנעמען. א אַ גרויסן קאַ,

-

פּיטאַל. „מאַן האָט וועלין...אַלפֿים זהובֿים רייניש פֿון אים האָבן, זוא האָט ער ניט געוואושט וואו ער זאָל אויף טרייבן די גאבֿין“, אַהרן בּר, יוסף, 'איין שיין נייא ליד פֿון אובֿן', פּראָג תּמ“ח [1937], 4 [v] M. (שטריק.־ מאַכערײַ). צונויפֿדרייען די פֿאַרטיקע שטריק אָדער שניר.

אויפֿטרייבערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטרייבערן.

אויסטרייבערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געטרייבערט. אויסטרייבערן ←. (גראָבֿ) אויפֿעפֿענען, אויפֿשנײַדן. געבן אַ זעץ און א, דעם בויך. *א, די קישקעס = צעמזיקן, שטעכן אין בויך.

אויסטרייסטן — טרוו. טרייסט אויף, ~ געטרייסט. אויך מיט ז י ך. אויפֿמונטערן דורך טרייסטן. א, עמעצן. ניט לאָזן אים פֿאַלן בײַ זיך. א, זיך נאָך אַ שווערער מפּלה.

אויפֿטרייסל — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטרייסלען. אַן א, וואָס לאָזט ניט מער קומען צו זיך.

אויפֿטרייסלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטרייסלען. די דאָזיקע איבערלעבונגען זײַנען פֿאַרבונדן מיט שווערע א'ען אין דער יונגער נשמה", איבז ימ, ייִנגל און מיידל, ריגע, 1929. „די א', וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די טעג פֿון דערוואַרטונג, האָט אים אַרויסגעריסן פֿון דער מרה־שחורהדיקער גליוועריש", חג, ישיבֿה.

אויפֿטרייסלען — טרוו. ־סל אויף, ~ געטרייסלט. 1. מאַכן ציטערן. דער דונער האָט אויפֿגעטרייסלט די שויבן. 2. צעטרייסלען, אויפֿשאָקלען. א, די מעדיצין איידער מע נעמט זי. 3. אַרויסברענגען פֿון רואיקן צושטאַנד. וואַרפֿן שטיינדלעך אין שטילע וואַסערן און זיי א'. 4. אַרויסברענגען פֿון גלײַכגילטיקייט, שטויסן צו אַקטיווקייט אָדער טיפֿער איבערלעבונג. א, דעם עולם מיט דער לעבעדיקער וואַל־קאַמפּאַניע. „גיט ער זיך אַ זעץ אַוועק און גיט זיך אַ שרײַב אָנעט אַ זאַך וואָס ועט א, דעם גאַנצן ערדקוגל", נאַד. 5. מאַכן מע זאָל אויפֿצאַפּלען, אויפֿשוידערן, אויפֿגעבראַכט

ווע□ן. א, מיט פּרטים פֿון דער שחיטה. „טאָ
זאָלן די טויטע אַ טרייסל זיך געבֿן און א,
קיום פֿון אָנהייבֿ ביזן סוף...ווײַל די וועלבע
מאָרדן פֿאַרמײַדן די שטראָף“, סעג, איצטער.

□ויפֿטרייסלענדיק

אויפֿטרייסלענדיק — אַדי. וואָס האָט דעם
כּוח, וואָס איז אין שטאַנד אויפֿצוטרייסלען. אַן
א'ע בשׂורה. „ער האָט זיך צעשריגן מיט א'ע
קולות“, אָפּאַ, לינטשערײַ.
אויפֿטרייסלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. ווערן אויפֿגעציטערט. פֿון דער קאַנאָנאַדע
טרייסלט זיך אויף דאָס פֿעלד. 2.
דורכגענומען ווערן מיט שרעק, עקל, צאָרן אאַ
שטאַרקע געפֿילן. א, זיך פֿון אַזאַ רשעות.
אויפֿטרייסלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿטרייסלען (זיך).
אוי□; טרייף — ← אויף טר(י)פֿות. אויך:
אוי□ טרי□. אָפּשעכטן א, ט, = אויך:
בדלות שטעלן, באַגנבֿענען, צעממיתן.
□
אויסטרינקען — טרוו. טרינק אויף, ~

געטרונקען. (אויס)טרינקען ביז דער נייטיקער מאָס. א, דעם גאַנצן לעפֿל ריצנאייל. „און, מן לייגט זיך אויף דיא קישן און, טרינקט אויף [וויַין נאָך מאַכן קידוש] דש אליר וויניגשט אזו פֿיל אַז אין איין גנצי אייאר שאַל קען גין“, ספֿר המנהגים, יח/א, אַמשט 1723.
אויפֿטריפֿלען — טרוו. ־פֿל אויף, ~ געטריפֿלט. דזוו אויפֿדריבלען ←.

□ □

אויסטריסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטריפֿן.
אויף טר(י)פֿות — [...טרייפֿעס, טאַרפֿעס] פֿראַזע. ווען מע פֿאַרקויפֿט עס פֿאַר טרייף, ניט־כּשר; ווען מע פֿאַרקויפֿט עס זייער וואָלוול [ווען אַ בהמה ווערט טרייף, קומט אויס דעם קצבֿ צו פֿאַרקויפֿן דאָס פֿלייש ניט־ייִדן און נעמען זייער אַ נידעריקן מקח]. *ס'איז אַ מציאה אויף טר(י)פֿות = ס'איז גאָר אַ גרויסע, אַ ווילדע מציאה. „אַ שאַרפֿע פּריצישע איינפֿאָרהויז מיט בעלי־בתישקייט, און אַ בוידעם מיט היי, וואָס אינאיינעם האָט עס בסךהכּל געמעגט באַטרעפֿן אויף טרפֿות שיינע, גראָבע עטלעכע הונדערט קערבלעך“, ממוס, אַ שטאָט אין מזרח'.

ʼ

אויסטריסן — טרוו. טריף אויף, ~געטריפּט.
אַרויפּטריפֿן. א, טראָפּנס חלבֿ צוצושמעלצן די
ליכט.
אויפֿטריקענען — טרוו. ־קן אויף, ~
געטריקנט. 1. טריקענען ביז דער נייטיקער
מאָס. א, סעמעטשקעס פּלוימען. 2. אַ ביסל

ʼ

טריקענען. "וועש דאַרף מען נאָר א', ניט
אויסטריקענען, כּדי גרינגער צו מאַכן דאָס פּלעטן",
דייד.
אויפֿטריקענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1 פֿאַרלירן די פֿײַכטקייט, ווערן
דורכגע.
טריקנט. די שטיוול האָבן זיך אויפֿגעטריקנט.
2. צונויפֿטריקענען זיך, צונויפֿקלעפּן זיך
בײַם טריקענען. „די בלעטער פֿון פֿאַרנעצטן
בוך האָבן זיך אויפֿגעטריקנט", רייד.
אויפֿטרעבעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געטרעבעוועט. סל. אויפֿפֿאָדערן. א, דעם עולם
צו זיצן שטיל און הערן.
אויפֿטרעט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿטרעטן.
דזוו אויפֿטריט ←.

אויפֿטרעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿטרעטן.

אויפֿטרעטן — אוטוו. טרעט אויף, (ז□־.בּ י ן)
~געטראָטן (זן ~געטרעטן, לר). 1. זיך

באַוויַיזן, אַרויסשטעלן זיך פֿאַר אַן עולם. א,
מיט חוצפּה, איידלקייט אאַזוו. „לויפֿו זאָלסטו
צו ושתּין, נאַקעט זאָל זי א', לאָזן די האַרן
קוקן“, ממוס, פּריזיוו. „האָבן זיך בײַם שוועל
די נײַנציק יאָר צערוקט, און אין
שרעקפּראַכט זײַנער איז ער אויפֿגעטראָטן“, אַל I.
2. אַרויסקומען פֿאַר אַן עולם אין אַ
ספּעציעלער ראָלע (פֿון אַ רעדנער, אַקטיאָר, זינגער,
קונצנמאַכער אע). א, מיט אַ מאָנאָלאָג,
דעקלאַמאַציע, נײַע קונצן. 3. אַרויסקומען פֿאַר
אָדער קעגן עמעצן בײַ אַ משפּט, וויכּוח אע,
וואו עס זײַנען פֿאַראַן צדדים. א, פֿאַר אָדער
קעגן עמעצן, עפּעס. „ער איז אַ שטאַרקער
מקיל און קיינער וואַגט נישט קעגן אים
אויפֿצוטרעטן“, דוד פֿרישמאַן, קלייניקייטן,
טאַרנאָוו 1894. 4. אַרויסקומען מיט אַ מעלדונג,
דערקלערונג פֿאַר אָדער קעגן עמעצן, עפּעס.
„די רעגירונג האָט ווי עס שײַנט טאַקע מורא
אויפֿצוטרעטן קעגן פּויפּסט„, קמ, 1863, No

13. ,,עס פֿאַרדריסט מיך פֿאַרוואָס איך האָב ניט...אויפֿגעטראָטן אַנטקעגן די...כּיתּה,,, אמד, דער גואל, ווילנע 1866. 5. אַרויפֿטרעטן. א, אויף גלאָז און זיך צעשנײַדן.

אויפֿטרעלן — טרוו. טרעל אויף, ~געטרעלט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) זינגען (וועגן אָדער ווי פֿייגל). אַ פֿייגעלע טרעלט אויף מיטן ז —אויפֿגאַנג.

וב

אויסטרענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטרענען.

-

אויסטרענעכץ — דאָס (די), ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטרענען. אַן א, ווי מע וואָלט עס צוגענייט אָן הענט.

▯

אויסטרענען — טרוו. טרען אויף, ~ געטרענט. 1. אויפֿעפֿענען דורך אויפֿרײַסן דאָס צוגענייטע; אויפֿלאָזן נעט. א, די קאָלדרע און אַרויסנעמען די וואַטע. ,,מן פּפֿלעגט אַך נייאי

זעק צו נעמן צום (פּסח), און, ווען מן זיא
וועשן לאָזט, אזו מוז מן זיא פֿאַר אויף
טרעניך“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, יג/א. “
אײַערע צוואַנציק־דרײַסיק נייען דעם מאַנטל פֿאַרן
מלך המשיח. יאָ? און דאָרטן זיצן...
טויזנטער וואָס טרענען אויף וואָס איר נייט“, פּר־ץ,
'ווי אַזוי די וואַלד־ישיבֿה...,. 2. אויפֿשנײַד ,
אויפֿרײַסן בכלל. *א, דעם בויך = געבֿן מיס
אַ מעסער אין בויך. ,,מע וועט דיך אָפּשאָבֿן,
מע וועט דיר א, דאָס בײַכעלע, אויסטרייבֿערן
די קישקעלעך“, שע, מעסtיות פֿאַר ייִד,
ינדער 3 .I. שטאַרק שמײַסן. א, דעם הינטן.
אויפֿטרענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
צעלאָזן זיך אין די נעט, פֿון זיך זיך אויפֿרײַסן
וואָס איז געווען צוגענייט פֿאַרנייט. ,,דער
קאָל,
נער האָט זיך אויפֿגעטרענט,,. 2. אָפּרײַסן
זיך. ,,זײַן אַלטער פֿעלער אונטערן גאַרטל
[= דער בראָך] האָט זיך געגעבֿן אַ טרען
אויף ווי א יאָרן־לאַנג געוואַשענע העמד“, זש,
נח פּאַנדרע. 3. בטל ווערן דורך חרטה האָבֿן
(ברעכן אַן אָפּמאַך). ,,און טאַקע פּאָווטירנע
גענומען בײַ אים...אַ פֿײַנעם אַדערויף, ער זאָל
זיך חלילה ניט א'“, שע, טביה. 4. בטל

ווערן בכלל. „די שטעל האָט זיך אַריפֿגעטרענט,
ווײַל די פֿירמע האָט זיך ליקווידירט“.
אויפֿטרעסנען — ־נע אויף, ~געטרעסנעט.

-

אויפֿטשאַקען

סל. אוטוו — אויפֿפּלאַצן. קללה: „ער זאָל
געשוואָלן ווערן און א, און ווידער געשוואָלן
ווערן„. טרוו — מאַכן עס זאָל פּלאַצן מיט
אַ קנאַל, געבראַזג. א, די שויבן.

אויסטרעסען — טרוו. ־סע אויף, ~
געטרעסעט. סל. דזוו אויפֿטרייסלען ←. א, די
קישקעס = (גראָב) שטאַרק אָנשלאָגן.

אויסטרעסקען — ־קע אויף, ~געטרעסקעט.
סל. אוטוו — דזוו אויפֿטרעסנען ←. טרוו
— אויך: 1. אויפֿשפּאַלטן, אויפֿקנאַקן. א, אַ
נוס (מיט דער פֿויסט). 2. (סאָוו. וואול)
אויפֿפֿרעסן אויף אַ זשעדנעם אופֿן. א אַ קאַנדיאָר

,

(זופּ).

אויסטרעף; — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿטרעפֿן זיך; צונויפֿטרעף.

אויסטרעסן — טרוו. טרעף אויף, ~געטראָפֿן. דזוו טרעפֿן, נאָר עמפֿאַטישער. באַקומען אַ פֿריז פֿאַר א אַלע רעטענישן. ריכטיק א, וואָס

,

יענער האָט אין זינען.

אויפֿטרעפֿן זיך —.. אוטוו. ← דפֿוו. 1. צונויפֿטרעפֿן זיך (אָפּגערעדטערהייט). „ער וויל זיך — זאָגט זי — מיט דיר א'", שע, בלאָנדזענדע שטערן. 2. צופֿעליק זיך באַגעגענען, אָנקומען אויף עמעצן. זיך א, מיטן שׂונא פּנים אַל פּנים. 3. האָבן די זעלביקע מיינונג, דעם זעלביקן געשמאַק. א, זיך מיט עמעצן אין דער באַציאונג צו עפּעס, עמעצן.

אוי טרערן — אוטוו. טרער אויף, ~ געטרערט. זיך באַווײַזן, אַרויפֿקומען אַזוי ווי מיט טרערן. „דער טוי האָט אויפֿגעטרערט אויף

די בלומען‟.

אויפֿטרעשטשען — ־שטשע אויף, ~
געטרעשטשעט. סל. אוטוו — אויפֿפּלאַצן מיט
אַ קנאַק. א, ווי אַ גלאָז. טרוו — אויפֿהאַקן,
אויפֿבּרעכן מיט אַ קנאַקערײַ. א, יענעם דעם
קאָפּ.

אויפֿטשאָבען — טרוו. ־בּע אויף, ~
געטשאָבּעט. שלעכט, גיך נייען, צונויפֿציִען. א, אַ
מאַנטל, ס'זאָל האָבן אַ פּנים פֿון אַ זאַק.

אויפֿטשאָבּערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געטשאָבּערט. לאָקל (טשערנאָביל און אומג').
צונויפֿנעמען, צונעמען, (גראָב); צונויפֿגנבֿענען.
א אַ פֿולע פּאַזעכע עפּל פֿון אַ פֿרעמדן סאָד.

,

אויפֿטשאַדען — ־דע אויף, ~געטשאַדעט.
אויך מיט ז י ך. אוטוו — מיטאַמאָל אָנ..
הייבּן טשאַדען. די האָלעוועשקע האָט
אויפֿגעטשאַדעט. טרוו — פֿאַרטשאַדען (מיט רייך,
מיט פֿאַרדרייען אַ קאָפּ). א, עמעצן דעם קאָפּ.

אויפֿטשאַמקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געטשאַמקעט פֿרגל אויסטשאַמקען. 1.
אויפֿ.
קײַען מיט די הוילע יאַסלעס. א, אַ שטיקל
בּרויט ווי אַן אַלטע באָבּעצע. 2. אויפֿעסן

בשתּיקה. א, דעם שטרודל קיינער זאָל עס ניט מערקן. 3. ענדיקן רעדן אומקלאַר. א, עפּעס אַזוינס אַז מע זאָל ניט וויסן, צי געשאָלטן צי געבּענטשט.

אויפֿטשאַקען — טרוו. ־קע אויף, ~ געטשאַקעט. 1. מאַכן עפּעס פֿאַרטיק מיט אַ טשאַק, מיט אַלע פֿליטערלעך. א אַ פּאָר שטי, וועלעך אַז ס'זאָל קנאַקן. 2. אָנטומלען אַ פֿולן קאָפּ דול צו ווערן.

-

אויפּטשאָקען

▯

אויסטשאָקען —. טרוו. ־קע אויף, ~ געטשאָקעט. וור. אויך מיט ז י ך. אָנקלאַפּן די גלעזלעך בײַם טרינקען לחיים. א, די גלעזער אויף ברודערשאַפֿט.

אדיסטשוואַנ(י)ען זיך — ←
אויסטשוואַניען זיך.

אויסטשוכען — טרוו. ־כע אויף, ~ געטשוכעט. 1. אויפֿוועקן. א, אַ פֿאַרשלאָפֿענעם, מאַכן אים לעבֿעדיק. א, די טשופּרינע = זי אויסקראַצן. א, די הענט (וואוילינגעריש) — זײַן גרייט צו שלאָגן. 2. אויפֿמונטערן. א, עמעצן פֿון זײַן שווער געמיט.

אויסטשוכען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אויפֿוואַכן, אָפּטרייסלען פֿון זיך דעם שלאָף. 2. קומען צו זיך, קומען צו די כוחות, ווערן מונטער, אויפֿגעלעבֿט. „אַ זיסע מידקייט און נאָך אַ זיסערע א, זיך בײַטן זיך בײַ אים כסדר“, זש, נח פּאַנדרע.

אויסטשוכעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערד ▯ער) פּראָצעס פֿון אויפֿטשוכען (זיך).
י

אויסטשיסטען — טרוו. ־טע אויף, ~גע▯ טשיסטעט. סל. אויפֿפּוצן, אויפֿרייניקן. א, דעם סאַמאָוואַר, ער זאָל שײַנען.

אוי ; טשיקאַוועס — אַדוו פֿראַזע. פֿון נײַגעריקייט וועגן, פֿון אינטערעס וועגן. „שטיי איך מיר אויף, גיי א, טש, נאָכן קול, ביז איך קום...“, ממוס, קליאַטשע.

אויסטשיריקען — טרוו. ־קע אויף, ~ געטשיריקעט. פֿרגל אויסטשיריקען ←. אויפֿזינגען (וועגן פֿייגל). דער קאַנאַריק האָט אויפֿגעטשיריקעט זײַן ניגונדל.

אויסטשירקען ־־־־ טרוו. ־קע אויף, ~ געטשירקעט. אָנצינדן (וועגן אַ שוועבעלע וואָס גיט אַרויס אַ קלאַנג, ענלעך צו טשיר, בײַם אָנהייבן ברענען). א, אַ שוועבעלע אין הויפֿן (צווישן די הויפֿנס).

-

אויסטשמאָקען — ־קע אויף, ~

געטשמאָקעט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן טשמאָקען, צווויפֿציִען די ליפּן מיט אַ שמוצערן. א, אויף די פֿערד. טרוו — אויפֿזייגן, אויפֿנאַשן מיט אַ געקלאַנג פֿון די ליפּן.

אויסטשעפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~ געטשעפּעט. 1. צווויפֿטשעפּען, באַהעפֿטן איינס מיטן אַנדערן, מיט אַ קרוק, קייט אאַ. א, די וואַגאָנעס. א אַ שמאַטע מיט אַ שמאַטע און
,
מאַכן פֿון דעם אַ בגד. 2. אויפֿהענגען, אָנהענגען. א, די עמער אויף דער קאָראָמיסלע.
3. אַראָפּנעמען אַ ריגל, אויפֿעפֿענען. א, די טיר.
אויפֿטשעפּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. דזוו צווויפֿטשעפּען זיך. א, זיך און ווערן איין קאָמפּאַניע. 2. אַרויפֿטשעפּען זיך. א, זיך אויף אַ צווייַג און הוידען זיך.

אויסטשערבען — טרוו. ־בּע אריף, ~

געטשערבּעט. מיטאַמאָל מאַכן שאַרסטיק, מיט קאַרבּן. אָנטרעפֿן אויף אַ שטיין און א, די קאָסע.

אויסטשערטען — טרוו. ־טע אויף, ~ געטשערטעט. רוסיצ. אויפֿצייכענען. א אַ פּ אַן ,

פֿאַר א געבּײַדע.

אויסטשערסען — טרוו. ־פּע אויף, ,.,

448גע

טשערפּעט. סל. אויפֿשעפּן, אַרויפֿשעפּן. א, וואַסער פֿון קרענעצע.
אויפֿטשעשען — ← אויפֿטעסען.

אויסיאָגן — טרוו. יאָג אויף, ~געיאָגט.
1. צונויפֿיאָגן, צונויפֿטרײַבן. א, די סטאַדע
אויף איין אָרט. „[דער שטורעם האָט אַן עדה וואָלקנס אויפֿגעיאָגט מיט סווישטשען און מיט בּרומען", יהואָש, 'נאָכן שטורעם'. „דער גענעראָל...בּאַפֿעלט...אונדזערע אָפֿיצערן זאָלן גלײַך א, די אָבּאָזניקעס", ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע 2 .I. אָניאָגן, לויפֿן כּדי זיך צו דערנענטערן אָדער זיך אויסגלײַכן. אָנשטרענגען זיך אויפֿצויאָגן עמעצן.
אויסיאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָנהייבן זיך אײַלן. אײַלן, כאַפּן זיך. א, זיך צו דער אַרבעט, ניט צו פֿאַרשפּעטיקן.
אויס אָגעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיי
קער) פּראָצעס פֿון אויפֿיאָגן (זיך).
אויסיאַדען — טרוו. ־דע אויף, ~געיאַדעט.
אויך מיט ז י ך. יאַדען און אויפֿרעגן, אויפֿערגערן. א, די שנור.

אויסיאַוועו — טרוו. ־ווע אויף, ~
געיאַוועט. רוסיצ. 1. אויפֿװײַזן. א, די דאָקומענטן.

2. אײַנ אַוועז, אײַנמעלדן, פֿאַררעגיסטרירן. א,
י

ד פּאַספּאָרט.
אויסיאַוועז זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
מיטאַמאָל זיך ווײַזן פֿאַר די אויגן. א, זיך, ווי
פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן. 2. אויפֿמעלדן זיך;
פּלוצלינג קומען. א, זיך אויף אַ מאַיאָווקע.
אויפֿיאַטרען (זיך) — ־רע (זיך) אויף, (זיך)
~געיאַטרעט. דזוו אויפֿאייטערן ←.

אויסיאַכמערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אויף,
זיך ~געיאַכמערט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן
שטאַרק קלאָגן, ווערן היסטעריש. 2. זיך
צעה—צן; זיך צעשרײַען. א, זיך ווי אַ גזלן.
י
אויס אָכן — טרוו. יאָך אויף, ~געיאָכט.
אָני
טאָן אַ יאָך; אַרויפֿלייגן שווערע אַרבעט,
גרויסע התחײַבֿותן. א, עמעצן, ער זאָל פֿאַלן צו
דער ערד.
אויפֿיאָכצ(ע)ן — אוטוו. יאָכץ(־צע) אויף,
~געיאָכצ(ע)ט. 1. אויפֿקרעכצן, אויפֿקלאָגן.
א, פֿאַר ווייטיק. 2. מיטאַמאָל אָנהייבן
אַרויסווײַזן פֿרייד מיט געשרייען אָדער קרעכצן. א,

פּ .. שׂמחה.

אויסיאָמערן — אוטוו, אַקוזוו. ־ער אויף, ~געיאָמערט. פּלוצלינג (מיטאַמאָל, ווידער) אָנהייבן שטאַרק וויינען, קלאָגן. א, אַ גרויס געיאָמער. א, (מיט) אַ טענה צום רבונו־ שלעולם. "...דער אויספֿאַרקויף פֿון די...משכּנות אין לאָמבאַרד, אָבער און ווידער איבערגעריסן פֿון א, פֿון אַ פֿרוי", ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער.

אויפֿ אָקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געיאָקלט.

י

(גנבים־שפּראַך) אויפֿברעכן. א אַ טיר, אַ פֿענצ,

טער, אַ בוידעם.

אויפֿיובלען — אוטוו. יובל אויף, ~געיובלט. מיטאַמאַל אַרויסברעגגען פֿרייד מיט עקסטאַז. א, פֿון אַן אומגעריכטן נצחון.

אויסיודען — טרוו. ־דע אויף, ~געיודעט.

לר (שאַקי און אומג', ליטע u(]eti :‎ ‎ ‎ ‎ ‎ ־ <.

אויפֿרייצן, אויפֿרודערן. א, איינעם קעגן
אַנדערן.

-

אויפּידישן זיך

אויטשען — אוטוו. ־טשע אויף, ~
געיוטשעט. אויפֿשרײַען (וועגן אָדער ווי אַ חזיר).
א, ווי אַ פֿירפֿיסלדיקער.

אויסיוירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿיוירן.

אויסיוירן — יויר אויף, ~געיוירן, ~

געװירט. פּפ: ~יערן, ~ײַרן, ~אירן.

אוטוו — 1. אויפֿגיין, אויפֿגעבלאָזן װערן װי אַ רעזולטאַט פֿון פֿערמענטירן. „דאָס טייג האָט אויפֿגעװירט, מע דאַרף זיך נעמען צום באַקן“. „ס'איז ניט דײַן ברויט — זאָגט ער — װאָס איז בײַ איר אין מולטער אויפֿגעװירן“, מלה, 'מײַן סערענאַדע צו דיר'. 2. אויפֿברויזן. דער צאָרן יוירט ביסלעכװײַז אויף אין אים. טרוו — אויפֿרודערן, אויפֿבורען. א אַ מחלוקת.

,

„זאָל איך עס האָבן די נישט־דאָ־געדאַכטן אויפֿגעװירן?“, בראָד, אויסגעקליבענע שריפֿטן.

אויפֿיוכען (זיך) — אוטוו. ־כע (זיך) אויף, (זיך) ~געיוכעט. (גראָבלעך) שטאַרק אויפֿקאָכן זיך, אַרײַנפֿאַלן אין צאָרן (און נעמען טומלען, זיך װאַרפֿן שלאָגן). א, װי אַן אָפּגעבריטער.

אויסיוכצ(ע)ן — ← אויפֿיאָכצען. פּפֿ: ~יויכצ(ע)ן. „ס'האָט אַ נאַקעטער ראָד אויפֿגעיויכצט, ס'האָבן מײַלער פֿון זכרים און װײַבער געזונגען װילד און שיכּורדיק„, אצג, קריג אויף —רד.

ע

-

אויסיום־טובֿן — [...יאָנטעוון] יום־טובֿ אויף, ~געיום־טובֿט. אוטוו — אַרײַנקומען אין אַ יום־טובֿ־שטימונג און אַרויסווײַזן די פֿרייד. א, אין מיטן פֿון דער גרויער וואָך. טרוו — 1. דזוו אויסיום־טובֿן, בּ1 ←. 2. אויפֿהייבּן די שטימונג, מאַכן מער יום־טובֿדיק. א, די אומאינטערעסאַנטע פֿאַרזאַמלונג. א, דעם עולם.

-

אויסיועצן — [...יויעצן] אוטוו. יועץ אויף, ~געיועצט. אויפֿבּרענגען, פֿירבּרענגען אַן עצה (שפּאַסיק, איר). א, עמעצן ווי מע ווערט א בּערנאַכט אַ נגיד.

י

אויסיוקן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. יוקט אויף, ~געיוקט. לר. אָנהייבּן שמאַרצן (מע זאָל ווערן זיך קראַצן). ,,עס יוקט מיר אויף און איך זע ניט פֿאַרוואָס", רייד.

אויפֿיושען — אוטוו. ־שע אויף, ~געיושעט. 1. דזוו אויפֿיוכען ←, נאָר שוואַכער. 2. נעמען פֿליסן מיט מער וואַסער. ,,נאָך די רעגנס האָט דער טײַך אויפֿגעיושעט,,.

-

אוי□ יהוסן זיך — [...ייִ'כעסן] אוטוו. יחוס זיך
אויף, זיך ~געיחוסט. זיך באַרימען, זיו
אַרויסשטעלן מיטן יחוס. „אַ שמײַסער בײַ אַ
בעל־עגלה יחוסט זיך אויף מיט זײַן ברודער
ד□ :I שוסטעריונג“.

אויסי□ דישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿייִדישן. די א, פֿונעם
פֿאַרלאָרענעם דור.

□

אויסי□ דישן — טרוו. ־יש אויף, ~געייִדישט.
צוגעבן ייִדישקייט, מאַכן ס'זאָל ווערן ווידער
אָדער מער ייִד(יש). “א, די ייִדישע היימען
פֿון די וואָס ווייסן ניט אַדער האָבן זיך
דערווײַטערט פֿון ייִדישקייט“.

□

אויסי□ דישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
ווידער אַדער אויפֿסנײַ מער ייִדיש. א, זיך,

ווערן ווידער אַ ייִדישער מענטש.

אויפּי□נגלען זיך

אויסי□נגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויף, זיך ~געייִגגלט. אָנהייבן זיך אויפֿפֿירן ווי אַ ייִנגל. א, זיך אויף די עלטערע יאָרן.

אויסי□רן — □I. אויפֿיוירן. .

אויפּי□שובן זיך — [...ייִשעוון] אוטוו. ייִשובֿ זיך אויף, זיך ~געיִישובט. דזוו זיך מיישבֿ זײַן; אָנהייבן האַלטן זיך עצות מיט עמעצן. א, זיך מ□ט אַ קאָפּמענטש וועגן אַ וויכטיקן ענין.

אויסיללהן — [...יעלאָ'לען] אוטוו. יללה אויף, ~געיללהט. מיטאַמאָל אָנהייבן שרײַען, געוואַ□דעווען, בּיטער וויינען. א, ווי נאָך אַ גרויס אומג□יק.

אויף[יעדן פֿאַל — אַדוו פֿראַזע. פּפֿ: אוי□ יעדער פּאַל. וואָס (ווי) עס זאָל ניט זײַן, אין יעדן מעגלעכן פֿאַל. קומען (פֿאָרן, טאָן, העלפֿן אאַזוו) א, י, פֿ'. די פֿאָרשטעלונג (דער ספּאָרט־פֿאַרמעסט, דער קאָנצערט אע) וועט פֿאָרקומען א, י, פֿ'. „מע דאַרף זיך טאַקע ניט

שרעקן, אָבער א, י, פּ, דאַרף מען צוגיין צום דאָקטער“, רייד.

אוי יענטשען — אוטוו. ־טשע אויף, ~ געיענטשעט. מיטאַמאָל אָנהייבן יענטשען, זיפֿצו, קרעכצן. „מע שעמט זיך א, פֿאַר האַרצווייטיק, אָבער מע שעמט זיך ניט א, פֿון בויכווייטיק„, רייד.

-

אויסיערן — דזוו אויפֿיוירן ←. „רעגנט — יערו אויף די זומפּן, בלײַבט מען דאָרטן ש עקן“, ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו.

אויסיק — אַדי, נעאָל. וואַכיק. „דער פֿריאיקער גײַסט מײַנער טורטלט פֿון זײַן שלאָף און ווערט א'“, סוצ, וואַלדיקס. „און זײַן וועט ער א, בײַטאָג“, סוצ, געהיימשטאָט.

אויסי'ר — דער, ־ן. דזוו אַפּי'ר, אַפּאָ'ר.

אויפֿירשע(נע)ן — [...יאַר'שען] טרוו. ירשן (ירשע) אויף, ~געירשנט (~געירשעט). צונויפֿקריגן פֿאַר (ווי) אַ ירושה (ירושות). א, אַ מאַיאָנטיק און דערצו נאָך גוטע חובֿות פֿון

פֿריצים.
אויפֿישובֿן זיך — ← אויפֿייִשובֿן זיך.
אויף] כּוה — אַדוו פֿראַזע. 1. מיט גוואַלד; מיט חוצפּה, מיט צודרינגלעכע רייד; מיט סטראַשען. אַרויסקריגן א, כּ'. „זי נעמט מיר אײַנרעדן א, כּ, אַז...“, מ. גרויס, טמז, 11 ‎ I 1961. 2. (גנבֿים־שפּראַך) מיט געווער.
אויפֿכישופֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿכישופֿן. אַן א, פֿון אַ נײַער וועלט.
אויפֿכישופֿן — [...קי'שעפֿן] טרוו. כּישוף אויף, ~געכישופֿט. אַרויפֿבּרענגען, אַפֿירבּרענגען דורך כּישוף (אָדער ווי דורך כּישוף). „כ'האָב דערקענט זי...וואָס די לבֿנה האָט אויפֿגעכישופֿט“, יהואָש, 'זומערנעכט'. „אַ לעבּן אַזוי בּיטער וואָס האָט אין אונדזער גרויקייט אויפֿגעכישופֿט דעם איידלסטן ראָמאַנס פֿון וואונדערלעכן ריטער„, אַל III, 'היִרש לעקערט'.
אויפֿכּעסן — [...קאַעסן, קאַאַסן] טרוו. כּעס אויף, ~געכּעסט. בּיזן סוף אַרײַנבּרענגען אין כּעס. א, עמעצן איבּער אַ קלייניקייט.
אויפֿכּעסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּלוצלינג ווערן אין כּעס. א, זיך און ווערן רויט ווי אַ

צוויק.

אויף; כפּרות — אַדוו פֿראַזע. אין פֿאַרבינדונג א
מיט נ י י ט י ק , ד אַ ר פ ן , ה אָ ב ן אע. ווײַזט
אָן אַז עס איז איבעריק, אָן אַ ציל, אָן אַ
זינען אָדער אויך שעדלעך. דו דאַרפֿסט עס א, א
ב', ווי אַ לאָך אין קאָפּ. *טויגן א, כּ, = צו
גאָרנישט, אַרויסצוואַרפֿן. „אַליין בין איך אויף
צרות און טויגן טויג איך א, כּ“. ער טויג
אַפֿילו א, כּ, נישט. אויך אויף טויזנט, נײַנציק,
תּשעה נײַנציק, טישטשע נײַנציק, נײַן און
נײַנציק אאַ כפּרות. „וואַרפֿט ער זי גאָר אַוועק
אויף טי(שט)שע נײַנציק כפּרות„, ציט פֿל, י. מ.
ניימאַן, שבת־אויבס.

אויפֿכפּלען — [...קייפּלען] כפּל אויף, ~
געכפּלט. גרעסער מאַכן דורך כפּלען,
צונויפֿכפּלען, מולטיפּליצירן. א, די אַלע צאָלן.

אויסכשרן — [...קאַשערן] טרוו. כשר אויף,
~געכשרט. ווידער כשר מאַכן. באַגיסן דאָס
פֿלייש מיט וואַסער און עס א'.

אויסכתבנען — [...קאַסווענען] טרוו. כּתבֿע, (כּתבֿן) אויף, ~געכּתבֿעט (~געכּתבֿנט).
אויפשרײַבן, אַרויפֿשרײַבן. (איר). א אַן אַדרעס
,
אַז ס'זאָל ברענען די אויגן.

אויסכאָדען זיך — אוטוו. ־דע זיך אויף, זיך ~געכאָדעט. פּר. דזוו אויפֿהאָדעווען זיך.
„אין די פֿינצטערע תּפֿיסה האָב איך מיך אויפֿגעכאָדעט, ביז איך בין אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר“, גנבים־ליד. (פֿרגל: ~כאָווען ז ן י).
י

אויסכאָווען — טרוו. ־ווע אויף, ~געכאָוועט.
1. אויפֿציִען, אויפֿהאָדעווען (מיט ליבשאַפֿט, זאָרגעוודיק). „ער וויל ניט א, קיין יחסנים אויף ייִדנס חשבון, זאָגט ער„, אָש, תּהילים־ייִד. „האָסט דיר אויפֿגעכאָוועט קיין עין־הרע אַ טאָכטער — נאַ אָ!„, רחל קאָרן, ערד.
-
2. אויפֿהיטן, אויפֿהאַלטן. א, די ירושה; א, דעם ייִדישלעכן דרך.

אויפֿכאָוועצן זיך — ← דפֿוו. אויפֿהאָדעווען
זיך. א, זיך אין דער היים, אין דער פֿרעמד,
בײַ יענעם. „אין די פֿינצטערע תּפֿיסות האָב
איך מיך אויפֿגעכאָוועט„, גנבֿיס־ליד.
אויפֿכאַ(כאַ)טלו'לען — טרוו. ־לע אויף,
~געכאַ(כאַ)טלולעט. פֿטמ. < חוכא וטלולא.
אויפֿהייבן אויף גרויס געלעכטער; אָפּשפּאָטן.
א, דעם באַרימער פֿאַר זײַנע ווילדע ליגנס. א,
אַ ייִד אַ תּמים, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע
געווען אַ תּם.
אויפֿכאָכאָטשען — אוטוו. ־טשע אויף,
~געכאָכאָטשעט. סל. פּלוצלינג, מיטאַמאָל
אָנהייבן לאַכן אויפֿן הויכן קול. א, פֿון אַ
מינדסטער נאַרישקייט, אויסשיסן מיט אַ
געלענדער [= געלעכטער, פּעיאָ.]
אויפֿכאָליען — טרוו. ־ליע אויף, ~
געכאָליעט. סל. אויפֿקעכלען; אויפֿכאָוועז. א, אַ
בת־יחידקעלע אויף אייער־בייגעלעך.
אויפֿכאָמכען — טרוו. ־כע אויף, ~
געכאָמכעט. פּלוצלינג אָנהייבן שטאַמלען, זאָגן עפּעס
אומקלאָר אָדער ניט־קלוג. א, ט־ט־טאַקע, ווען
מע דאַרף זאָגן לאו מיט אַן אלף.
אויפֿכאַפּ — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿכאַפּן (זיך). דער א, פֿון שלאָף.

„אין יעדן ליבן...אַן אייגענער שטריך, אַן אייגענער קוק און א“, לע, טמז, 25 IX 1953.

אויפֿכאַפּן

ויסכאַפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿכאַפּן (זיך). די א, פֿון די ראַדיאָ־כוואַליעס.

ויסכאַפּן — טרוו. כאַפּ אויף, ~געכאַפּט.
1. גיך, פֿלינק באַמערקן און פֿאַרשטיין דעם באַטײַט. א, עמעצנס אַ וואונק, אַ בלינצל מיטן

אויג, אַ קרומע מינע אע. אַ קינסטלערס אויג כאַפּט אויף. „ער האָט זיי בײַדן אָנגעקוקט און גלײַך אויפֿגעכאַפּט זייער שמייכל צוריק„, אר, 'ליבעס־שטײַער'. 2. באַמערקן און קענען נאָכמאַכן. א, יענעמס גענגעלעך, יענעמס העוויות. „ס'איז אין אים געלעגן בטבֿע עפּעס אַזוינס אויפֿצוכאַפּן באַלד בײַם ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט‟, ממוס, שלמה.

3. פֿלינק אויפֿנעמען מיטן הער־חוש, מיטן חוש השמיעה; (אונטער)הערן און פֿאַרשטיין. „א אַ וואָרט און פֿאַרשטיין אַ קוואָרט„, שוו

,

[דערהערן נאָר אַ פּרט, אָבער אויף דעם סמו באַנעמען אַ גאַנצע סיטואַציע]. „[ער] וועט זיך באַמיִען גאָרניט ניט פֿאַרהערן, א, איטלעכס וואָרט‟, בערג, בײַם דניעפּער I. *א, אַ וואָרט = אויך: א) דערגיין, דערוויסן זיך אויפֿן סמך פֿון אַן אָנצוהערעניש. א אַ וואָרט אַז די

,

אַקציעס וועלן שטײַגן; ב) אויפֿנעמען מיט גרויס אינטערעס פֿרייד. „ער האָט
אויפֿגע,
כאַפּט איר איטלעכס וואָרט, אַליין אויך גערעדט פֿאַר צען‟, ממוס, ווינטשפּ. *א, אַ

קלאַנג = אויך: הערן אַ סוד, אַ רכילות, אַ ידיעה וואָס איז נאָך ניט באַשטעטיקט.

4. גיך באַנעמען מיטן שׂכל; פֿלינק אַרײַנגלידערן עפּעס אין אַ גאַנצער סיטואַציע. א, דאָס אָנצוהערעניש, דעם וואונק, דעם רמז אע. א, דעם מצבֿ, די סיטואַציע. א אַ שווערן ענין.

,

א, די גאַנצע סוגיא, אין וואָס די פּלוגתּא גייט, וואָס עס אַרט דאָ... א, וואָס עמעצער איז אויסן, וואָס זײַן כּוונה איז. „דער עולם האָט...

גערעדט, און [ע] האָט אויפֿגעכאַפּט אַז די אַלע קינסטלער מיט זייערע דאַמען זענען פֿאַרליבט אין פּוילן“, אָפּאַ, „באַרימט'.

5. כאַפּן פֿון אויבן, אַרײַנכאַפּן אין זיך. א, די פּילקע. *א, עפּעס מיט ביידע הענט = מיט צופֿרידנקייט. דער פּאָפּוגײַ באַפּט אויף די ניסלעך. „כאָפּטעסווײַז שווימען [הײַפֿיש] אין ים נאָך די שיפֿן און כאַפּן אויף...אַלצדינג וואָס פֿאַלט פֿון דאָרטן אַראָפּ“, קמ, 46 1869, No.

*א, קלעפּ = אַרײַנקריגן זיי. „פּענעק האָט אויפֿגעכאַפּט אַלע קלעפּ און ווידער נאָכגעקרימט“, בערג, בײַס דניעפּער I.

6. אויפֿנעמען מיט פֿרייד; זיך כאַפּן צו עפּעס אָדער עמעצן (ווײַל עס פּאַסט פּונקט

אַרײַן אין דעם וואָס מע וויל, מען איז
פֿאַראינטערעסירט). ,,קאַטאָליקן כאַפּן אַזעלכעס
[= שלעכטס אויף ייִדן] אויף ווי הייסן
פֿלאָדן,,, ארז, קמ, 32 1866, No. ,,צו איר
פֿלעגט ער ברענגען די אַלע [אָפּגעטראָגענע]
זאַכן, און זי האָט דאָס אויפֿגעכאַפּט ווי אַן
אבֿן־טובֿ,,, ייִל, קמ, 27 1867, No. ,,קראַצט
מען ערגעץ אויס, העט אין די פֿריערדיקע
דורות, נאָך אַן אויסגעפּאַטשטן — כאַפּט מען
אים אויף ווי אַן אבֿן־טובֿ,,, ממוס, קליאַטשע.
,,די ייִדישע גאַזעטן האָבן די דאָזיקע רייד
אויפֿגעכאַפּט מיט בײדע הענט‘‘, ממום, מסעות.

-

אויפכאַפּן זיך

,,די אַדעסער ייִדן וואָס לעבן פֿרײַ און לאַכן
פֿון די קליינשטעטלדיקע...וועלן אים א, ווי
אַ גאָלדן פֿינגערל‘‘, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
*א, (אַ בחור) = אויסכאַפּן אים פֿאַר אַ חתן.
,,אַ גליק וואָס איך האָב פלוצלינג באַקומען...
אַ שלעכטן שם אַז איך וואַקס אַן אַפּיקורס, און
קיינער האָט מיך נישט געוואָלט א'‘‘, פּרץ,
 כרונוך[.

7. אויפֿנעמען (אַרײַנזאַפּן) מיט דער הילף
פֿון אַן אינסטרומענט, אַפּאַראַט. דער
פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט האָט גוט אויפֿגעכאַפּט דעם
מאָמענט. דער ראַדיאָ כאַפּט אויף די
כוואַליעס. „אין דעם דאָזיקן סאַטעליט איז
אײַנמאָנטירט אַן ,אויג, וואָס כאַפּט אויף די
אוראַגאַנען, טײַפֿונען און שטורעמס“, טמז,
.IX 1958 27

8. אַרויפֿנעמען אויף עפּעס, אויף אַן
אינסטרומענט. א, אַ באַבעלע אויף דער נאָדל.
א אַן עפּל אויף דער פּיקע. “ער האָט קונציק

,

אויפֿגעכאַפּט איין נערוו נאָכן צווייטן, וו אַ

'

שטריקערין כאַפּט אויף אײגעלעך אויף אַ
שפּיזל“, אָפּאַ, 'דער ערשטער פּאַציענט'.

9. גיך אַרויפֿהייבן, אַרויפֿטראָגן. „די
זאַווערוכע כאַפּט אויף גאַנצע בערג שניי“. „דער
מאַמען שרײַבט איר איינציק קינד, כאַפּ עס
אויף, דו ליבער ווינט!“, פּרץ, לידער און
פּאָעמען. „האָט אים די פֿאַנטאַזיע דאָ
אויפֿגעכאַפּט אויף די פֿליגלען און...אַוועקגעטראָגן
גלײַך אַהין...“, שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע.

1O. אַוועקכאַפּן, אַוועקנעמען איבערגוואַלד;

אַוועקרויבן. „דער רוצח האָט געהערט אַז סע
געפֿינט זיך אַזוי אַ יפֿת־תּואר אויף דער וועלט,
האָט ער געוואָלט זי א"“, נחבֿ, 'מעשׂה מבֿערגער
והעני'. „אָט די כאַפּערס האָבן באַדאַרפֿט א,
אַ קליין אַכטיאָריק ייִנגעלע פֿאַר אַ זעלנער„,
יק. „בעל־שם: אָט [האָב] איך...אָפּגעזוכט בײַ
די לײַט [= שדים] אַ כּלה וואָס זיי האָבן זי
אויפֿגעכאַפּט“, אבֿג, דעקטוף, וואַרשע 1876.
„אַ פּריצה...אַ גרושה פֿלעגט פּלוצלינג
אַרײַנפֿאָרן אין אַ שטעטל און מיט גוואַלד א אַ
,

ייִד פֿון גאַס“, פּרץ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.
, .
„מע האָט מײַן בחור אויפֿגעכאַפּט ווי דער רוח
דעם מלמד און מע האָט אים אָפּגעפֿירט אין
חד־גדיא אַרײַן“, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעם.
11. א, פֿון שלאָף. א, פֿון פֿאַרטראַכטקייט,
פֿון פֿאַרחלומטקייט. אויפֿוועקן און
אַוועקנעמען. „לויפֿט אַוועק דער נעסוויזשער באַראָן
צום גובערנאַטאָר און כאַפּט אים אויף פֿונעם
שלאָף און ברענגט אים צו פֿירן מיט דרײַ

זשאַנדאַרן“, שע, ייִדישע שרײַבער.
פֿפֿ: א, ווי אַ בליץ, ווי מיט אַ פֿינטל פֿון אויג; א, ווי אַ (טײַערע) מציאה, ווי אַן אבֿןטובֿ; ווי אַ שפּאַרבער, ווי אַ שד (רוח, ניטגוטער), ווי אַ (דער) רוח דעם מלמד.

אויסכאַפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אַרויסקומען פֿון צושטאַנד פֿון שלאָף, אויפֿוועקן זיך. א, זיך מיט שרעק, מיט אַ געשריי. א, זיך אַ צעדולטער, צעטומלטער. „דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם שלאָף, פֿרעגט ער דעם משרת: וואו ביך איך אין דער וועלט?“, נחבֿ, 'מעשׂה מאבֿידת בת־מלך',. „מ'וועט זיך אוף חאפּן דורך קוויטשין פֿון דיא פֿייגליך“,

מס, קהלת, תּקע“ט, יבֿ, 4. „און דער מענטש האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם שלאָף און איז אויפֿגעשטאַנין“, חה, 153. „[דאָס קעלבל] האָט אויסגעשטרעקט דאָס פֿיסל, אָנגערירט בנימינען

אין דער דיק, און בנימין האָט זיך
אויפֿגעכאַפּט“, ממוס, מסעות. „זי האָט זיך
צומאָרגנס אויפֿגעכאַפּט בײַם פּריץ אין פּאַלאַץ“,
פּרץ, 'אַראָפּגעלאָזטע אויגן'. „האָבן זיך די
בערג פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט“, אשט,
מײַסעלעך. *איך כאַפּ זיך אויף — טאָגט עס! =
איר, ווען עמעצער דערציילט באריכות און
מיט גדלות וועגן די געוויינלעכסטע
געשעענישן. ▯
2. אויפֿשטיין. זיך א, און אָפּגיסן
נעגלוואַסער. זיך א, און גיין צו סליחות. „עס מעג
זײַן שטאָק־פֿינצטער, טאַקע האַלבער צוויי, און
דעסטוועגן — וויבאַלד זיי הערן דעם ערשטן
קריי, מעג זײַן דער גרעבסטער יונג דער
טרעגער — כאַפּט זיך אויף פֿון זײַן
געלעגער“, טעיאַטאָר. „שלמהלע האָט זיך געלייגט
שלאָפֿן בײַנאַכט מיט אַ גרינג געמיט ▯י און
האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי — אַ יתום“,
ממוס, שלמה. „די זון האָט זיך אויפֿגעכאַפּט
מיט אַ היץ און מיט אַ ברען און באַגאָסן...
מיט אירע גינגאָלדענע שטראַלן“, שע, אַקטיאָרן.
„אָט דאַכט זיך ערשט זיך אויפֿגעכאַפּט —
וואו קומט אַהין דער טאָג?“, מלה, '
לייזערעליע, דער פֿון דער אַלטער היים'. *א, זיך ווי

משה (יאָסע) פּאַרך צו נעילה = (גראָב) א,
זיך זייער שפּעט, נאָך דער פּאַסיקער צײַט.
3. אַרויסקומען פֿון צושטאַנד פֿון
פֿאַרחלומטקייט, פֿאַרטראַכטקייט. „אַז יודל בײַם
געזעגענען זיך טוט אַ הייסן קוש זי...האָט
זי ווי פֿון שלאָף זיך אויפֿגעכאַפּט“, ממוס,
יודל. „ווי פֿון אַ לאַנגן שלאָף האָבן זיך
דעמאָלט אויפֿגעכאַפּט די רויטע ייִדלעך, זיך
אויסגעווישט די אויגן און געפֿרעגט“, שע, מעע)יות
און פֿאַנטאַזיעם. „ניין, מאַמע, וואַרט! —
כאַפּט זיך אויף די טאָכטער און שמײַסט אַוועק
אין אַ זײַט די פּאַסיאַנס־קאָרט„, בערג, בײַם
דניעפּער II.
4. פלוצלינג אַרויסקומען, אַרויסרײַסן זיך
פֿון יעדער מין צושטאַנד. „הערט, אָט דאָס
טענה איך דאָך! — כאַפּט זיך אויף [פֿון
צוהערן זיך] ר, יעקבֿ — אָט דאָס האָב איך דאָך
געזאָגט...“, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. „האָט
זיך דער אויפֿגעכאַפּט, בשעת יאָסעלע האָט
אויסגעלאָזט די קדושה און איז געגאַנגען
ווײַטער“, שע, יאָמעלע סאָלאָוויי. „צווײַגן האָבן
זיך אַלע ווײַלע אויפֿגעכאַפּט, זיך ווי
דערשראָקן און זיך ווידער איבערגעגעבן דעם
שטילן, גרינגן שאָקלען“, בערג, אָפּגאנג. „אַז

די שטילקייט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און רינג און רינג פֿונאַנדערגעקײַקלט זיך פֿון איין עק וואַלד ביזן צווייטן...", הל, ,דער וואָלף'.
5. גיך, פּלוצלינג אויפֿשטעלן זיך. א, זיך פֿון אָרט. א, זיך פֿון געזעס. ,,אַז יאָסעלע האָט אויפֿגעהערט זינגען, האָט זיך מיצי אויפֿגעכאַפּט פֿונעם בענקל...אָנגעהויבן אַרומלויפֿן איבער דער שטוב", שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. *א, זיך אויף די פֿיס = אויסוואַקסן, באַקומען כוחות, ווערן זעלבשטענדיק. ,,ערשט

אויפֿכוכען

העט שפּעטער, נאָך דער בר־מצווה, אַז די מאירס מיט די שניאורס האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אויף די פֿיס,,, שע. ,,די קאַטשקעלעך האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אויף די פֿיסלעך, זיך געלאָזט אויפֿן וואַסער,,, שע, טבֿיה.
6. אַרויפֿכאַפּן זיך (אַרויפֿזעצן זיך). ,,,...וועט זיך מן־הסתם שוין טרעפֿן אַ פֿורל, וועט מען זיך א'; דערווײַל גייט מען עטלעכע מײַל צו פֿוס", קאַלמוס, דער לעבעדיקער יתום, אַדעס

7. אויפֿוועקן זיך גײַסטיק; אויפֿקומען. „עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט...דער יונגער שׂכל, מיט אים האָבן זיך אויך גערירט געדאַנקען", ממוס, ווינטשפּ. „שפּעטער...האָט אָנגעהויבן אין אים עפּעס אויפֿצוכאַפּן זיך, עפּעס האָט אים געצויגן ערגעץ", שנ, וועגן יודישע שרײַבער I. „מײַן געוויסן האָט זיך באַלד אויפֿגעכאַפּט און באַפֿוילן אַרײַנוואַרפֿן אין טעלער אַ זשמעניע געלט", נאַד.

8. ווערן פּלוצלינג אַקטיוו. „אונדזער פֿאַראיין האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ערשט אַ וואָך פֿאַר די וואַלן", רייד. „אַז עס איז געוואָרן אַ געשריי: 'ייִדן אין די קאָלאָניעס!, — האָט זיך לייב דער מלמד אויפֿגעכאַפּט מיט אַן אימפּעט", ממוס, שטורעמצײַט.

9. זיך אויפֿרעגן; ווערן אין כּעס, אויסברעכן אין צאָרן. „ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט... [און אויסגעשטעלט] זײַן גרויסן שטעקן", מסדר אגרת, תּקפּ"ה. „האַלט ער די עזות שוין מער ניט אויס, כאַפּט זיך אויף, מאַכט פֿון די אָפּטריניקע תּל, באַשטראָפֿט זיי מיט כּעס אויף דער שטעל", ממוס, שירה. „דערנאָך האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ שטורעמווינט, האָבן זיי געזאָגט: לאָמיר זיך אומקערן אַהיים",

נחבֿ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'.

□

אויסכאַפּעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿכאַפּן (זיך).

□

אויסכאַפּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס כאַפּט אויף. דער א, פֿון די
ראַדיאָסיגנאַלן.

□

אויסכאַפּערײַ — דאָס (ד□), ־ען. טואונג פֿון
אויפֿכאַפּן (זיך). אַן א', אַ שפּרינגערײַ פֿון
די בּעטן.
אויפֿכאָרכלען — ־כל אויף, ~געכאָרכלט.
דזוו אויסכאָרכלען ←, (מיט בּײַטעם: העכער).
אויפֿכאָרכלעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿכאָרכלען. אַן א,
ווי פֿון אַ געשטיקטן.

אויפֿכוואַליען — ־ליע אויף, ~געכוואַליעט.
אוטוו — אויך מיט ז י ך. ווערן באַדעקט
מיט כוואַליעס. דאָס וואַסער כוואַליעט אויף.
טרוו — מאַכן כוואַליעס אויף דער
אייבערפֿלאַך. דער ווינט כוואַליעט אויף דאָס וואַסער.
"די יונגע ליליע־בריסטן כוואַליען אויף דעם
צאַרטן זײַד", דא, צבֿיה.
אויפֿכוואַליענדיק — אַדי. וואָס האָט די
אייגנשאַפֿט פֿון אויפֿכוואַליען. „...וואָס
זינגען הויך און בלוט־אויפֿכוואַליענדיק און ווילד",
אצג פֿארנאכטנגאָלד.
,

-
אויסכוכען — ־כע אויף, ~געכוכעט. אויך:
~כוקען. אוטוו — אַרויפֿאָטעמען מיט אַ

אויפֿכיכען

געהילך. א, אויף פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער. טרוו
— אַרויפֿבלאָזן. א אַ ריח פֿון ציבעלע

,
(קנאָבל).
אויסכיכען — ־כע אויף, ~געכיכעט. אויך:
~כיכיקען. דזוו אויסכיכען ← (בײַטעם:
העכער).

אויסכיקען — טרוו. ־קע אויף, ~געכיקעט.
(וואוויליונגעריש) אויפֿשנײַדן (געוויינטלעך וועגן
האַלדז). אַ פֿידל טאָן איבערן גרגרת און א,
דאָס גערגעלע.
אויפֿכלאַמען — טרוו. ־מע אויף, ~
געכלאַמעט. סל. 1. אויפֿהויפּן אַ קופּע אָפּפֿאַל.
א, שמאַטעס. א, ביינער פֿון אַלע מיסטקאַסטנס.
2. לאָקל (גראָדנע) אויפֿעסן, אויפֿפֿרעסן גאָר
גיך.
אויפֿכליאָבען — טרוו. ־בע אויף, ~
געכליאָבעט. אַרײַנצײַען אין זיך אַ געטראַנק אָדער
שיטערע שפּײַז זשיפֿענדיק דערבײַ (וועגן
בהמות). פּעיאָ וועגן מענטשן. די קו האָט
אויפֿגעכליאָבעט קלײַען מיט וואַסער.
אויפֿכליאַסקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געכליאַסקעט. מיטאַמאָל אָנהייבן קלאַפּן, קנאַקן,
שלאָגן מיט אַ הילך. א, עמעצן, ער זאָל האָבן

צו געדענקען.
אויפֿכל אַפּען
ליופּען. אַרויפֿגיסן מיט איין
י — טרוו. ־פּע אויף, ~געכל
אַי
פּעט. אויך: ~כ
גאָס, אַרויספּליוכען. א, אַ שיסל זופּ יענעם
אויפֿן קאָפּ.
אויפֿכליושקען — טרוו. 1. דזוו
אויפֿכליאַסקען. 2. דזוו אויפֿכליאַפּען, אויפֿכליופּען.
אויפֿכליעפּטשען — טרוו. דזוו
אויפֿכליאָבען ←.
אויפֿכליפּען — אוטוו. ־פּע אויף, ~
געכליפּעט. מיטאַמאָל אָנהייבן שטאַרק און הילכיק
וויינען. א, אַ פּאָר מאָל און אויפֿהערן.
אויפֿכליפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿכליפּען.
אויפֿכמאַליען — טרוו. ־ליע אויף, ~
געכמאַליעט. 1. געבן אַ שטאַרקן פּאַטש (פּעטש)
אאַ. א, די באַקן. 2. אויפֿברעכן, אויפֿרײַסן.
א, די טיר, דעם שלאָס.

אויסכמאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויף, זיך ~געכמאַרעט. 1. זיך באַדעקן מיט שווערע וואָלקנס. „דער הימל האָט זיך אויפֿגעכמאַרעט און אָט־אָט האָט שוין געזאָלט אָנהייבן רעגענען“. 2. ווערן טרויעריק, פֿאַרדאגהט אע. זײַן פּנים (געמיט) האָט זיך אויפֿגעכמאַרעט.

אויסכמורען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויף, זיך ~געכמורעט. ווערן כמורנע, טונקל, שווער. ← דפֿוו, ב2.

אויסכניקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געכניקעט. ← אויסכניקען, אוטוו.

אויפֿכראַבּרע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־רע(ווע) זיך אויף, זיך ~געכראַבּרע(ווע)ט. רוסיצ. מיטאַמאָל זיך אָננעמען מיט אַ געמאַכטן מוט, זיך אַרויסשטעלן מעשׂה העלד. א, זיך און אויסשטעלן די ברוסט.

-

אויסכראָמטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געכראָמטשעט. אויך: ~כראָמ□ש)קען.
אויפֿגריזשען, אויפֿעסן און שטאַרק קנאַקן בײַם

קײַען מיט די ציין. "זיי אָפּגעשקראָבעט און
זיי באַלד אויפֿגעכראָמטשעט", מעצקער.

□

אויסכראַסטען — טרוו. ־טע אויף, ~
געכראַסטעט. אויך: ~כראַשטשען. 1.
אויפשפּיליען, אויפֿקנעפּלען (דעם בגד אויף דער
ברוסט) צו פֿיל און זייער האַסטיק. א, די
קאַפּאָטע, דאָס פּעלצל. 2. אויפֿעפֿענען און
ברענגען אין אומאָרדענונג. א, די האָריקע
ב□וסט.

אויסכראָפּען — אוטוו. ־פּע אויף, ~
געכראָפּעט. מיטאַמאָל אָנהייבן כראָפּען,
שנאָרכ(ע)ן. אַנטשלאָפֿן ווערן ווי אַ געהרגעטער און
א אַז די שויבן זאָלן ציטערן.

-

,

אויסכראַקען — ־קע אויף, ~געכראַקעט.
אַרויפֿכראַקען, אַרויפֿשפּײַען מיט לחות (
לייכעץ), פֿלעגמע. א, אויף דער סטעליע.
אויפֿכר(י)וקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
געכר(י)וקעט. מיטאַמאָל אָנהייבן כר(י)וקען,
אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן חזירים). דערשמעקט
אַ פּאָמעניצע, האָבן די חזירים אויפֿגעכרוקעט.

אויסכריפּען — ־פּע אויף, ~געכריפּעט.
מיטאַמאָל אָנהייבן כריפּען (← אויסכריפּען).
אויפֿלאַבערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געלאַבערט. צונויפֿפּלאַפּלען, אויפֿפּלוידערן. האָבן
אַ פּוסט מויל, א אַלץ וואָס ניט געשטויגן,

,
ניט געפֿלויגן.
אויפֿלאָג — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס מע לייגט
אַרויף; סכום פֿון אַרויפֿגעלייגטן. דער א,
ציגל אויפֿן וואָגן. 2. צוגאָב; דאָס וואָס מע
לייגט צו צו דער מאָס אָדער וואָג בײַם
פֿאַרקויפֿן. געבן אַן א, נאָך אַן עפּל. 3. צוזאַץ,
באַפּוצעכץ, (באַנייעכץ). „מיט אַ פֿעדער אויפֿן
קאַפּעליוש און אַ גרינעם א, אויפֿן

שפּענצער", פּרץ, 'זיבן גוטע יאָר'. 4. משל. ל2.
5. אויפֿלאַגע, אויסגאַבע שׂכר אויף לאָק...

."
חלק ששית מסך כל השסין", ר, שניאור־זלמן
מליאדי, 'אגרת קודש', תּקס"ח? התּמיט, 5,
וואַרשע תּרצ"ז].
אויפֿלאַגע — די, ־ס. אויסגאַבע; דאָס
אָפּדרוקן, אַרויסגעבן אַ בוך אין אַ געוויסער
צאָל עקזעמפּלאַרן. אַ טײַערע ערשטע א'. שוין
די דריטע א, פֿון ראָמאַן. "מע קוקט ווי
אַנטיקווארן אונטער קרומע שירעמס זיצן פֿאַרקויפֿן
—
,
אַלטע א'ס פֿון זאָלאַ און ווערלען", מאָל,
פֿריידקע.
אויפֿלאַגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלאַגערן.
אויפֿלאַגערן — טרוו. ־ער אויף, ~געלאַגערט.
אַוועקלייגן זאַכן, סחורות אין לאַגער, סקלאַד.
א, סחורה — אָפּוואַרטן אויף אַ מקח, ביז
דער פּרײַז וועט שטײַגן.
אויפֿלאָד — דער, ־ן. אַקט אָדער אָביעקט פֿון
אויפֿלאָדן; סכום פֿון דעם וואָס מע לאָדט אויף.
א, פֿון משׂא. אַ לאַסטאויטאָ מיט אַן א, פֿון...
אויפֿלאָדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿלאָדן. די א, פֿון תּבֿואה פֿאַרן
עקספּאָרט פֿאַרן היימישן מאַרק אע.

,
אויפֿלאָדן — טרוו. לאָד אויף, ~געלאָדן (זן
~געלאָדט). 1. אויפֿלייגן משׂא. א, די
סחורה. א, דעם וואָגן, דעם לאַסטאויטאָ. „נאָך דען
דז קעמל קען דער טראָגן זאָלשטו אים אויף

-

אויפֿלאַטכענען

-

לאָדין“, עיון, 1/50. מ t פֿאַרטײַטשט: ,ויעמס
איש על חמורו, (בּראשית, מד, 13) „און ער
אויפֿלאדט“ [תּי: „אַן איטלעכער האָט
אויפֿגעלאָדן זײַן אייזל“]. 2. שווער מאַכן מיט
שטראָף, צרות אע. א, תּשובֿה אויף זיך. א, דעם
צאָרן אויף עמעצן. „איך האָב זיא אויף
גילאָדן מיט אייטל מלאכי חבּלה דיא דא היישן

אף און, חימה“, לט 1, 2/19. 3. אויפֿלייגן
חיובֿים, אַ גײַסטיקן עול. א, מצוות. „האָבֿ
איך אָנגעהויבֿן מײַן לייַבֿ דרינען צוגעוואוינען
אין זיי און האָבֿ אויפֿגעלאָדן אויף איר [=
דער נשמה] דעם לאַסט אַז זי זאָל זיי וויסן און
זיי צו טאָן“, חה, 38.
אויפֿלאָדן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. קענען
אַרויפֿנעמען משׂא. „זאָג מיר וויפֿל לאָדט זיך
אויף דער וואָגן?“, רייד. 2. אַרויפֿקומען
אויף אַ שיף, בֿאַן אע צוזאַמען מיטן געפּעק.
„אַלע פּליטים דאַרפֿן זיך א, אויף דער שיף
ניט שפּעטער ווי 8 אַזייגער„..
אויפֿלאַדנעווען — טרוו. ־נעווע אויף, ~
געלאָדנעוועט. (שוסטערײַ) מאַכן אַלץ גרייט
▯

ארויפֿצוקלאַפּן, צוצוקלאַפּן. א, די פּאָדעשווע.
▯

-

אויפֿלאָדנעווען — טרוו. ־נעווע אויף, ~ געלאָדנעוועט. דזוו אויפֿלאָדן ←.

אויפֿלאַדע(ווע)ן — טרוו. ־ע(ווע) אויף, ~געלאַדע(ווע)ט. אויפֿלייגן, אַרויפֿלייגן אין אַן אָרדענונג, ברענגען אין אַ סדר. א, די זאַכן אַז אַ מינדסטע קלייניקייט זאָל האָבן איר אָרט.

אויפֿלאָדעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלאָדן.

אויפֿלאָדער — דער, ־ס. וונ נב. ווער עס לאָדט אויף. "ער איז געווען בעל־הבית, בעלעגלה און אויך א'", רייד.

אויפֿלאָז — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלאָזן.

אויסלאָזן ־——־ טרוו. לאָז אויף, ~געלאָזט, ~געלאָזן (← אויסלאָזן). 1. מאַכן פֿרײַ(ער), אויפֿבינדן, אויפֿקניפּן אע. א, די שנירלעך פֿון די שיך. "...זאָל מען אים א, אַלע פֿאַרבינדעכצן", טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, לאָדזש [?] 1910. 2. אויפֿטרענען. א, אַ נאָט. 3. צעלאָזן; צעשמעלצן, צעטריפֿן. א, וואַקס אויף ליכט. "אַז דאָס פֿלייש איז געפֿרוירן, דאַרף מען עס א, פֿאַרן ווייקן", ספֿר מקור הברכה, מונקאַטש, תּרנ"ה. 4. צוגעבן אַ

צולאָג בײַם פֿאַרקויפֿן סחורה לויט אַ מאָס.
„לאָזט מיר אויף נאָך אַ צאָל צו די דרײַ אַרשין“.
אויפֿלאָזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך ווערן פֿרײַער, לויזער. „די שנירלעך לאָזן זיך מיר שטענדיק אויף“.
אויפֿלאָזעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלאָזן (זיך).
אויפֿלאַטכעניש — דאָט (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלאַטכענען.
אויפֿלאַטכענען — טרוו. ־כע אויף, ~ געלאַטכנט, ~געלאַטכעט. < לקחענען. (געוויינטלעך אין פֿאַרשטעלטע רייד). אויפֿגנבֿענען, צונויפֿגנבֿענען. א אַלץ וואָס ליגט פֿאַר די

,

אויגן.

אויפֿלאַטען

אויפֿלאַטען — טרוו. ־טע אויף, ~געלאַטעט.
1. אַרויפֿלייגן אַ לאַטע (לאַטעס). א, בגדי מלכות. 2. ביזן סוף פֿאַרריכטן. א, דאָס

געזונט, ווערן צוריק אַ מענטש.
אויפֿלאַטען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (
שפּאַסיק) ווערן געזינטער. ניט געאַרבעט אַ פּאָר
חדשים און זיך אויפֿגעלאַטעט.
□ -
אויסלאַטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיק□ □ אַ □
— אוטוו. לאַך אויף, ~געלאַכט.
פּר צעס פֿון אויפֿלאַטען (זיך).
אוי □
פּלוצלינג (מיטאַמאָל, פֿונדאָסנײַ) לאַכן. ,,
מענטשן...קומען אין טעאַטער אַרײַן...צו פֿאַרבֿרענ..
גען און כאָטש אַ ביסל אויפֿצולאַכן“, פּרץ,
ליטעראַטור און לעבן. ,,ס'פֿלעגט נעמען לאַנג
ביז זי האָט ווידער אויפֿגעלאַכט,,, ב. לאַפּין,
צייכנס. ,,די בליצן לאַכן אויף מיט קרומע
ציין, ווי זיי וואָלטן געחוזקט פֿון זיך אַליין,,,
צײַט, ,מטרוניתא..
אויפֿלאָמען — טרוו. לאָמ(ע) אויף, ~
געלאָמ(ע)ט. אויפֿבֿרעכן, אויפֿרײַסן מיט אַ לאָם,
ברעכאײַזן. א, די טיר.
אויפֿלאָמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. סל.
דרייען זיך, מאַכן העוויות, מאַכן טורעס (פֿון

זיך אָדער אַן אַנדערן). א, זיך ווי אַ פּאַיאַץ.
אויפֿלאָנטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געלאָנטשעט. אויפֿשליסן, צונויפֿהעפֿטן (ספּעצ
אין שײַכות מיט עלעקטרישן שטראָם). היפּוך
פֿון אויסלאָנטשען ←. א, די עלעקטרישע
דראָטן.
אויפֿלאָנטשען זיך — אוטוו ← דפֿוו.
צושטיין צו אַ גרופּע, צונויפֿהעפֿטן זיך. „ביז טאָג
זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך טיילן פֿון
אַרטילעריע, זיך אויפֿגעלאָנטשעט און ווײַטער
געפֿאָרן“, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע.
אויפֿלאַסטן — טרוו. לאַסט אויף, ~געלאַסט.
אַרויפֿלייגן אַ לאַסט, אַ משׂא; מחייבֿ זײַן עמעצן
עפּעס צו טאָן. א, אויף עמעצן אַ שווערע
געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט.
אויפֿלאָפּטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געלאָפּטשעט. אוקר. אויפֿפּרעסן. צווישן יאָ און
ניין א, אַ לעבל ברויט.
אויפֿלאַפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~
געלאַפּעט. צוכאַפּן, אויפֿכאַפּן, אַרויפֿלייגן די
לאַפּע (האַנט). א, אַלץ וואָס ליגט פֿאַר די אויגן.
אויפֿלאָפּנ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע אויף, ~
געלאָפּנ(י)עט. סל. אויפֿפּלאַצן; צעטראַסקעט

ווערן. א, ווי אַ פּוכיר.

— ← אויפֿלויף.

ירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)
לאַקירט. אויסשמירן מיט לאַק דאָס גאַנצע
מעבל.

אויפֿלאָקן — לאָק אויף, ~געלאָקט. דזוו
אויסלאָקן ←.

אויפֿלאָקערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געלאָקערט. לויערן און דערזען, כאַפּן. א, דעם
שׂונא פֿון באַהעלטעניש.

אויפֿלהכעיסן — [...לעהאַ'כעסן] טרוו. להכעיס
אויף, ~געלהכעיסט. אַרײַנבּרענגען אין כּעס
(דער צווייטער זאָל מער ניט פֿאָלגן). „מע
טאַר ניט א, א קינד; איצט וועט ער וויינען
און זיך ניט לאָזן לייגן שלאָפֿן“, רייד.

452

אויפֿלויבּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רע־ א
ז □ □ ט פֿון אויפֿלויבּן

לויבּ אויף, ~געלויבּט.

ו . אַן א, בּיז אין הימל.

אויס ויבּן — טרוו.
זייער שטאַרק לויבּן; דערהייבּן עמעצן מיט אַן

איבערגעטריבן לויבן. א, עמעצן ווי אַ
גאוועולם.
אויפֿלויבעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלויבן. ־בעכ ו.
אויפֿלויזן — טרוו. לויז אויף, ~געלויזט. א
דזוו אויסלויזן ←.
אויפֿלויטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלויטערו (זיך). א
אויפֿלויטערן — ־ער אויף, ~געלויטערט.
אוטוו — מיטאַמאָל ווערן לויטער(ער);
אויפֿקומען ליכטיק, ריין. „איך בין די ווײַסקייט
פֿון אַ לאַם וואָס לויטערט אויף אין מײַן
געמיט", דוד אָפּאַלאָוו, דרום־אַפֿריקע, 1957. טרוו
— מאַכן לויטער(ער). א, דעם פֿרײַנדס
געמיט.
אויפֿלויטערן זיך — ← דפֿוו. פֿון זיך ווערו
לויטער(ער).
אויפֿלויכט — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלויכטן. א, פֿון אַ ראַקעט. א,
פֿון אויפֿשטאַנד. „אין אַלע מײַנע יאוש־דונערן
און א'־בליצן", בראָד, אויסגעקליבענע שריפֿטן.
„מײַן אויג פֿאַרנעמט דײַן א, אומענדלעך„,
הל, אין טךעבלינקע.
אויפֿלויכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿלויבטן.
אויפֿלויכטן — אוטוו. לויכט אויף, ~
געלויכטן. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן לויכטן. די
זון (די לבֿנה) לויכט אויף. עס לויכטן אויף א
די עלעקטרישע לאָמפּן. „מיט זונען
אויפֿגעשטאַנען, מיט זונען אויפֿגעלויכטן, מיט זונען א
אין די אויגן...„ מל, 'מיט זונען...'. „און
א, פֿלעגן מיר אויגן מיט ווייכן,
פֿאַרטרוילעכן ליכט“, אַל, „ייִדיש„. 2. אָנהייבן שײַנען
(ווען עפּעס וואָס געוויינטלעך גיט עס ניט
אַרויס קיין ליכט). „מיט יעדן קוק אויפֿן
זון האָט ס'אַלטע פּנים אויפֿגעלויכטן„, אָפּאַ,
טענצערין. „אין מײַן אינגעווייד מײַן האַרץ
האָט אויפֿגעלויכטן“, נפֿתּלי גראָס. „אויפֿן
הימל לויכט אויף אַ לאַבן ברויט. שטערן —
גאָלדענער קימל — באַשיטן דאָס ברויט„,
מלכּה לי, דערוואַרטונג. 3. אויפֿקומען אַזוי
ווי מיט ליכט; אויפֿבליִען. „גאַס צעגליאַנע,
איינס דער נומער — דאָרט האָט אויפֿגעלויכט
מײַן זומער„, אר, 'וואַרשע'. „דאָך אין סוף
אין שוואַרץ־פֿאַרגאַנגענעם לויכט ערשט אויף
זײַן אָנהייב פֿאַרן פֿאָלק און לאַנד“, אַל, 'יהודה
המכּבים טויט'. 4. וואַרפֿן ליכט אויף עפּעס,
אויפֿקלערן, אויסטײַטשן עס זאָל ווערן

ליכטיק, פֿאַרשטענדלעך. א, אַלע שווערע שטעלן פֿון...

אויפֿלויכטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלויכטן. „...צו צעבּרעכן אַלע גשמיותן און נידעריקייטן וואָס וועלן זיך בּגוואַלד אַרײַנרײַסן אין זײַנע א'ן“, ייִט, טאָג, 21 1960 ▯ I.

אויפֿלויערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלויערן.

אויפֿלויפֿן

ויפֿלויערן — טרוו. ־ער אויף, ~געלויערט. אונטערקוקן, נאָכקוקן; נאָכשפּירן. „אַז די קעץ זײַנען געוואָר געוואָרן פֿון דעם טאָג ווען אַלע מײַז דאַרפֿן אַרויסקריכן פֿון זייערע נאָרעס, האָבּן זיי שוין אויפֿגעלויערט די מײַז“, יופֿאַל, 17 1887, No. „די רעגירונג האָט אים מיט... הונדערט מאַן אויפֿגעלויערט...זייער געהיים“, אמד, קאָרטנכע, ווילנע 1878.

ויפֿלויערער — דער, ־ס. וונ נבּ. ווער עס לויערט אויף. דער א, האָט זיך בּאַהאַלטן אין וועלדל.

ויפֿלויף; — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿלויפֿן (זיך). ספּעצ: 1. בײַל, געשוויר. „קלאַפּסט אָפּ אָן דער האַנט דורך אַ צופֿאַל דײַן שטערן און זע — ס'איז קיין א, אויף אים ניט פֿאַרבליבן“, הל, אַ בלאָט אויף אַן עפּלבוים. 2. אָנהויך. אַן א, פֿון טוי (פּאַרע) אויף אַ גלאָז. אַן א, פֿון אַ גאַז אויף אַ מעטאַלענער פּלאַטע. 3. אָנלויף, דינער איבערדעק. „די יונגע בלעטלעך...זײַנען באַדעקט מיט אַ שמעקענדיקן פּעכענדיקן א'“, האָכבערג, איבז, שמייל, געוויקסן. 4. אויפֿזאַמלונג. אַן א, פֿון מענטשן. 5. אומאָרדענונג. בהלה, קאָנפֿוזיע. אַן א, — אַן אמתער תּוהו־ובֿוהו. „בײַ יעדן א, (אומרואיקייט) וואַרן זיי די ערשטע„, אמד, די איידעלע ראַכע, ווילנע 1875. 6. דאָס וואָס גייט אויף, וואָס הייבט זיך אויף בײַם (גרייטן צום) באָקן. „מע גיט צו צען געלעכער, אַ פּיאַנע פֿון ווײַסלעכער און סאָק פֿון אַ ציטרין. מע באַקט דעם א, אין אַ מיטל־הייסן אויוון“, ב. שאַפּראַן, די ייִדישע קוך, וואַרשע 1930.

ויפֿלויפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלויפֿן (זיך).

ויפֿלויפֿן — אוטוו. לויף אויף, בין ~ געלאָפֿן (←. אויסלויפֿן ווענן ה אָ ב). 1.

צונויפֿלויפֿן. א, ווי אויף (צו) אַ חתונה, אַ
שׂריפֿה. „עס מעג קומען די בת־מלכּה אַליין,
וועט ער אים אָן נדן נישט לאָזן גיין צו דער
חופּה, מע זאָל א״, שע, אָרעמע און פֿריילעכע.
2. אויפֿקומען גיך, אָנלויפֿן און זיך הייבן.
כוואַליעס לויפֿן אויף. „עס זעט אויס ווי
בּערגלעך זײַנען אויפֿגעלאָפֿן און זיך געשטעלט ווי
שומרים„. 3. מיטאַמאָל אַרויפֿקומען און
אַרויסשטאַרצן. אַ בײַל, אַ געשוויר לויפֿט
אויף. „נאָך אַזאַ קלאַפּ איז אויפֿגעלאָפֿן אויפֿן
שטערן אַ בײַל ווי אַ באַרג„, רייד. 4. שטאַרק
אויפֿגיין (וועגן טייג). אַ ראָשטשינע לויפֿט
אויף. „דאָס טייג איז אויפֿגעלאָפֿן און
אַרויסגערונען פֿון מולטער„. 5. צעקנייטשן זיך,
צערונצלען זיך. די הויט פֿון דעם זקן לויפֿט
אויף. „ס'איז אים באַפֿאַלן אַן אימה, די הויט
איז אים שוין אויפֿגעלאָפֿן פֿאַר שרעק„, פּרץ,
[סידיש.
6. געשוואָלן ווערן. ,ורגליהם לא בצקו,
(נחמיה ט, 21) פֿאַרטײַטשט תּי: „און זייערע
פֿיס זײַנען ניט אויפֿגעלאָפֿן„ פֿפֿ: א, וו אַ
י .
באַרג, ווי הר־ההר, ווי אַ מכּה, וו אַ געשוויר
י

(אויפֿן נאָז, אונטערן אָרעם), ווי דעם גלחס
בויך. בײַם שווערן זיך: זאָלסט אַפֿילו א'!
"זיי זאָלן אַפֿילו אויפֿלויפֿן, וועל איך זיי
זאָגן קצבֿ, קצבֿ און קצבֿ און ניט בוטשער,,,

אויפֿלויפֿן זיך

שע, מאָטל II. *אויפֿגעלאָפֿן ווערן וואַרטנדיק
= געשוואָלן ווערן פֿון וואַרטן, זייער לאַנג
דאַרפֿן וואַרטן. ,,זײַן אונטערשטע צעביסענע
ליפּ האָט געהאַלטן אין איין א, ווי אַ
ראָשטשינע", בערג, בײַס דניעפּער .
7. זיך באַדעקן מיט אַ קוים מערקלעך
שיכטל פֿון עפּעס. די שויבן לויפֿן אויף
מיט פּאַרע.
אויפֿלויפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
צונויפֿלויפֿן זיך, זיך צונויפֿקלײַבן דורך לויפֿן. ,,אַן
אָנגעלאָפֿענע מדינה, מ'האָט זיך אויפֿגעלאָפֿן
פֿון דער גאַנצער וועלט", רייד. ,,ווען דער העלד
קומט צוריק, גלייבן ניט די רעדלעך מענטשן
וואָס זײַנען זיך אויפֿגעלאָפֿן, אַז דאָס איז
טאַקע ער", שנ, ה. לייוויק.
אויפֿלויפֿעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויפֿלויפֿונג; צונויפֿלויף; דאָס וואָס איז

אויפֿגעלאָפֿן, געשוואָלן. „די [הייוון] קעמערלעך ווערן
אַרומגעוואַקסן גלײַך ווי מיט א'ן און זעען
אויס ווי אָנגעשוואָלענע“, יאַכ.
אויפֿלויפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלויפֿן (זיך). אַן א,
פֿון אַלע פֿיר עקן וועלט.
אויף; לופֿט — אַדוו פֿראַזע. 1. פֿאַר אַ
נאַטירלעכער באַדערפֿעניש. „רבי, איך דאַרף גיין
א, ל'„. 2. אויף דאַטשע. „בעת מענער שוויצן
אין די שעפּער, פֿאַרברענגען פֿרויען א, ל'“.
אויפֿלופֿטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלופֿטערן.
אויפֿלופֿטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געלופֿטערט. אַ ביסל (אויס)לופֿטערן. אויפֿפֿרישן
דורך לופֿטערן. א, די מלבושים.
אויפֿלופֿטערן זיך — דזוו אויסלופֿטערן
זיך ←.
אויפֿלושטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געלושטשעט. אויפֿעפֿענען און אַרויסנעמען פֿון
שאָלעכץ. א, בעבלעך פֿון די באָבשויטן.
אויפֿליאַסקען — ← אויפֿפֿליאַסקען.
אויפֿליאַפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~געליאַפּעט.
1. אויפֿגיסן מיט אַ גיכן און שטאַרקן גאָס.
א, דעם צעבער יענעם אונטער די פֿענצטער.

2. אויף גיך אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט אויף
א טאַנדעטנעם אופן. א אַבי אַרויסצופּטרן
,

פֿון די הענט.

אויפֿליאַרעמען — טרוו. ־עם אויף, ~
געליאַרעמט. אויפֿרודערן, אויפֿוועקן מיט אַ
ליאַרעם. א, די גאַנצע שטאָט. אויך אוטוו —
אָנהייבן ליאַרעמען. „פֿון דיזער געשיכטע האָט
אויפֿגעליאַרעמט די גאַנצע שטאָט“, אמד, דער
פּרוש פֿון באַרדיטשובֿ, וואַרשע 1856.

אויפֿלגן — אוטוו. ליג אויף, בין ~געלעגן.
ליגן (פֿון) אויבן. ליגן בהרחבֿהדיק. א, אויפֿן
בעט ווי אַן אמתער שׂררה [ניט צונויפֿמישן
מיט ליגן אויף = ליגן וואַך, ליגן און ניט
שלאָפֿן].

אויפֿליגנערן — טרוו. ־נער אויף, ~
געליגנערט. אַרויסקומען מיט ליגנס. א, אַזוינס
וואַס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל.

אויפֿליובען זיך — אוטוו. ־בע זיך אויף,
זיך ~געליובעט. פֿאַרליבן זיך. פּעיאָ. א, זיך
מיט אַ דינסטמיידל.

אויפֿליי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿלײַען.
▯ -

ניט אַזוי דער א, ווי דער אומקער.
אויפֿלייג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿלייגן.
,,דער א, פֿון די זאַכן אין אַ סדר געדויערט
גאַנצע שעהן,,. א׳־בעטל = וואָס מע קען
צונויפֿלייגן (און אַוועקשטעלן אין אַ זײַט). אויך
א,־טיש, א׳־שטול.
אויפֿלייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלייגן.
אויפֿלייגן — טרוו. לייג אויף, ~געלייגט.
1. צונויפֿלייגן, צוזאַמענלייגן. א, די זאַכן אין
אַן אָרדענונג. א, די קלעצלעך נאָכן שפּילן
זיך. ,,עס איז אָסור אויפֿלייגן אום שבת אַ
טלית אָדער אַן אַנדער מלבוש,,, לט2, 2/60.
,,ער האָט גלײַך אָפּגעשפּיליעט דעם בורנוס,
ער האָט אים אויפֿגעלייגט אין דרײַען מיטן
אונטערשלאַק אַרויף,,, ייִפֿאָל, 1888' l5 No,
בײַלאַגע. ,,דען אַפֿילו דער פֿאָדעם פֿון זײַד אַז
מען זאָל אים א, אין פֿיל, ווערט ער אויך אַ
גראָבע שטריק“, י. מ. הכּהן, ספֿר גדר עולס,

וואַרשע תּרנ,,ב. ,,ווען מאַן פֿון מיני בשׂמים אויפֿלעגט צו רייכערן מאַכט מאַן בורא מיני בשמים,,, הרבֿ א. ברודא, הליכות עולס.

2. אַרויפֿלייגן, לייגן פֿון אויבן. א, אויפֿן טעלער. א, נאָך פּאַפּיר אויף דער דרוקמאַשין. ,,בעלי זצ,,ל האָט איין קטן גישווירכן... גיהאט, האָט אים איין באלבּיריר.. איין פֿלעשטירכין [— פֿלאַסטערל] אויף גיליגט“, גה, --.

85. ,,און אַז איינער וועט דעם אַנדערן העלפֿן אויפֿצולייגן די משׂא און אַראָפּצונעמען — דאַן וועט זייער פֿירונג וואויל זײַן“, חה, ב, 226. ,,זיי לערנען זיך אויס...שטאָט גאָלד אויף דעם רוקן [פֿון אײַנבונד] ליישגאָלד אָדער ליישזילבער אויפֿצולייגן“, ארז, קמ, 1867, No 32. *א, די אויגן = האַלטן דעם בליק געשפּאַנט אויף עפּעס.

3. אַרויפֿלייגן (וועגן שטײַערן, שטראָף אע), מלל פֿאַרטײַטשט ,אָבֿי העמיס עליכם, (מלכיט א, יב, 11) ,,אויף גלייגט“ [תּי: אַרויפֿגעלאָדן]. א, קנס; א, אַ קאָנטריבוציע. ,,נו, האָט מען נאָך אַזוינס געהערט? ייִדן זאָלן אַליין בעטן, מע זאָל אויף זיי באַזונדערע לאַסטן א'!“, קמ, 48 1865, No. ,,...א, שטראָף אויף

די וואָס ווילן ניט לערנען משניות,,, יופּאָל,
10 l881, No. ,,מן מעג איינם איין משכּון
אַוועק נעמן ווען ער ניט וויל צדקה געבּן וואַש
אים פֿון קהל אויף גליגט איז“, מהמ, קסא/א.
4. בּאַשטימען (מצד בית־דין, געריכט,
מאַכט), מחייבֿ זײַן, צופּסקענען. ,,דיא צײַט
קומט...וואָס ער האָט זיא אויף גיליגט דז
זיא זאָלין תּשובֿה טאָן...“, נצ1, לבּ/בּ. ,,אַך
האָט מן דיא שוחטי, אויף גילעגט דז דיא
אלי בּ,,בּ צי גלײַך האלטין, מאג זיין עשיר
או בּינוני או עני“, 'פּנקס קהלות אהו', כּרוז
כּ“ז, תּפּ“ד [אָסף, ייִבּל I I)()(()]. ,,ליבּער גאָט!
לאָז אונדז א, אַ שנה טובֿה אַלס מיר זאָלן
זוכה זײַן אונדזערע קינדער זעלבּער
אויסצוגעבּן אין עושר וכּבֿוד,,, תּחנות ובֿקשות,
דירנפֿורט 1798 [איבּערדרוק, ווילנע 1858]. ,,זײַ
מיט מיר,...איך וויל שוין ניט מער אויף דיר
די אַרבּעט א'“ פֿאַוויר, גדולת יוסף.

,

אויפֿלייגן זיך

5. צולייגן, צוגעבּן, מוסיף זײַן. א, עפּעס
צו דער מאָס (וואָג), א, צום פּרײַז. א, האָלץ

צום פֿײַער. „עס קען אפֿשר נאָך מעגלעך זײַן,
מע זאָל אײַך נאָך עפּעס א', מע ווייסט
נישקשה אַז איר זענט אַן ערלעכער מאַן„,
ממוס, קליאַטשע. „מיר געפֿינען בײַ בנימין
הצדיק אַז מע האָט אים אויפֿגעלייגט 22 יאָר
לעבן, [ווײַל] ער האָט אויסגעהאַלטן אַ פֿרוי
מיט קינדער אין אַ הונגעריאָר“, פּלאי, המדבך
בצדקה, וואַרשע תּרנ״ב. “איז געקומען די
אַלמנהס שוועער און האָט אויפֿגעלייגט געלט
אויף דער אַרענדע און ער האָט זי גענומען“
ספּר דובֿר שלום, פּשעמישל.
6. אָפּלייגן, אַוועקלייגן אין אַ זײַט,
אָפּשפּאָרן. (אַרכ, מיי; מזייִ זן). א, אויף
שפּעטער. א, אַ ביסל געלט אויף די עלטערע יאָרן.
„בתּי מרים היתומה האָב איך גימיינט גנץ
וואול צו טון דאז זיא...פֿון איר מעות קאָן
אויף ליגין“, גה, 278. „...קען ער זײַן חשבון
מאַכן אונ זײַן הויז האַלטונג מצמצם זײַן,
דאָש ער אלי טאָג עפּיס אויף ליגט“, לט1,
1/166. *איך האָב דערבײַ נישט אויפֿגעלייגט
= אויך: ניט געוואָרן דיקער, פֿעטער (טעמ.־
לאַו, 882).
7. גרעסער מאַכן, פֿאַרגרעסערן. א, דעם
פּרײַז. א, דאָס פֿײַער. *א, וועג = גיין מיט

אומוועגן. *א, פֿײַער = אויך: צעלייגן, מאַכן אַ פֿײַער. צונויפֿנעמען דאַרע צווײַגן און א, אַ פֿײַער.

8. אַוועקשיקן (ווען עס קומט אויס דערבײַ עפּעס אַרויפֿצולייגן, אַוועקצולייגן ערגעץ). א, די סחררה מיט דער באַן. „עס איז די ברירה בײַ די וואָס לייגן אויף די... אויסלענדישע בריוו אָדער [באַנדעראָלן]...“, קמ, 28 l864, No. „א, אַ בריוו צו איר“, נאַד.

9. פֿאָרלייגן; נאָמינירן. אַרכ. „ראשיםI וטובֿים וקהל... מאגין איין איטליכר איש אחד אויף ליגן צו איינם קלויבר, דער דאָ קיין שײַכות האָט צו דעם דער אין או□ף ליגט“, תּקק.

1O. (דריטפּערזאָניק). שאַפֿן צוטרוי, אַ גוטע באַציאונג. א, עמעצן צו עפּעס אָדער עמעצן. „מײַן ווייכער טאָן האָט זיי גאָר גוט אויפֿגעלייגט צו מיר“, אַר, 'די צוויי אַרבעטערמיידלעך'.

11. אַרכ. אַרויסגעבן (וועגן אַ חיבור). „דאז איך האב מלקט גוועזן אויס דעם לשון הקודש...איצונד ווידר אויף גליגט מיט פֿלײַס, אין טרוק„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

אויפֿלייגן זיך — אוטוו ← דפֿוו. 1. פֿון

זיך, צופֿעליק (אָדער מיט ווייניק באַמיאונג) ווערן צונויפֿגעלייגט, אויסגעלייגט. „זע, ווי די קאָרטן האָבן זיך אויפֿגעלייגט„. די קלעצלעך וועלן זיך א, אין אַ פֿאַסאַד פֿון אַ בנין.
די □אַכן לייגן זיך גוט אויף. 2. צונויפֿפּאַקן זיך. זיך א, און וואָס גיכער זיך אַפּטראָגן פֿון דאַנען. 3. צונויפֿלייגן געלט, זאַכן און מאַכן עפּעס בשותּפֿות. א, זיך און עפּעס דורכפֿירן. א, זיך און מאַכן אַ סעודה. „עס וואָלט אפֿשר געווען גלײַכער א, זיו צווישן זיך פֿיל עס איז און כאַצאַלן די פֿשעקופּקעס פֿאַר זייערע רעשטלעך„, יק.

אויפֿלייגעכץ

אויפֿלייגעכץ — דאָס (ד□), ־ן. אַקט פֿון אויפֿלייגן (זיך). אויך פּעיאָ.
אויפֿלייגעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלייגן (זיך).
אויפֿלייגער — דער, ־ס. 1. ווער עס לייגט אויף. אַרבעטער בײַם אויפֿלייגן משׂא, ספּעצ געהילץ. „ניסקע דער א, פֿלעגט צונויפֿנעמען סטאָסן האָלץ בײַ די ברעגעס פֿון טײַך ניעמאַן. דער צונאָמען איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר

אַן אַמאָליקער ייִדישער פּרנסה", 'ייִדישע צונעמען', אַמעריקאַנער, 2 .1 ▯ 1958 .III

זעצער. מדרש רבּה, אָסטרע 1839. [אין דער הסכּמה אויפֿן ספֿר שרײַבט דער אָרטיקער רבֿ ר, חיים ראַפּאָפּאָרט, אַז עס איז אָסור איבּערצודרוקן דעם ספֿר, און דער איסור איז חל ,,על הקונים ועל המסייעים וגם על האויף לייגער"]. אויך בּײַ דרייזין.

אויפֿליידיקן —־ טרוו. ־יק אויף, ~געליידיקט.

1. מיטאַמאָל, גיך אויסליידיקן. א, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן. 2. מתּיר זײַן. אַרכ. שבֿ, יד/א.

אויפֿליידן — טרוו. לײַד אויף, ~געליטן פּטמ.

—

מיטאַמאָל אָנהייבּן לײַדן, שטאַרק לײַדן. א, געבּראָטענע צרות פֿון אַן אייגן קינד.

אויסלייז — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אויפֿלייזן.

אויפֿבּינד; אָפּשאַף; צעשמעלץ, צעלאָז. "אַ שטראָם טרערן האָבּן פֿריש אַרויסגעקוועלט פֿון אירע אויגן און האָבּן געגעבּן אַן א, צו איר פֿאַרשמאַכטער טויט אַנגסט", אַש,

תּהילים

-

ייִד. „קליינע שוועסטער אינפֿוזאָריע,
שוואַרצער בּרודער האָטענטאָט — אַלע אײַלן זיך
צום א', צום גלגולים־ א, — גאָט“, צײַט I,
'גלגולים־ליד'. 2. (מוזיק) צוריקקער צו
נאַטוראַל, נאָך אַ בּעמאָל אָדער דעפּיז.
אויפֿלייזונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלייזן. „א, מיינט אַז דאָס
פֿאַרהאַרטעוועטע ווערט ווידער פֿליסיק, אַז איין
פֿאָרעם גייט איבּער אין אַן אַנדערער“,
קאָראַלניק, שריפֿטן II. „עס איז שוין טיפֿע
אינטואיציע, עס איז שוין טראַנס, עס איז שוין א, פֿון
דער אייגענער פּערזענלעכקייט“, מוק, טעאַטער
און ייִדיש טעאַטער.
אויפֿלייזלעך — אַדי. נעאָל. וואָס קען
צעגיין, קען צעלאָזט, צעשמאָלצן ווערן, וואָס
גייט איבּער אין אַן אַנדער פֿאָרעם. א'ע שטאָפֿן.
דער פּראָשעק איז א, אין וואַסער.
אויפֿלייזן — טרוו. לייז אויף, ~געלייזט.
1. לייזן אַ סך, צונויפֿלייזן, אָנלייזן. פֿטמ.
א, אין איין טאָג מער ווי אין אַ חודש. 2. מאַכן
ווייך, מאַכן עס זאָל צעגיין (אַ האַרטע זאַך אין
א פֿליסיקייט, אַ פֿליסיקייט אין אַ גאַז). א אַ

,

-

פּראָשעק אין וואַסער. "דאָס טיילן אַליין
קען געשען פֿיזיקאַליש...דורך נאַטורקרעפֿטן,
..
ווי למשל א, אין שיטערע, פֿליסיקע זאַכן",
קמ, 3 .4 1865, No. אויסגעפֿינען אַן
ענטפֿער (און מיט דעם אָפּשאַפֿן די שוועריקייט,
די פּראָבלעם). "ער קען א, אומגעהײַערע
גרויסע מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבעס...אין איין
אויגנבליק", קמ, 11 1866, No. ,,געקוקט אין איין
פּינטל אַרײַן, ווי אַ מענטש וואָס האַלט ביים א,
אַ וועלטפּראָבלעם", שע, בלאָנדזענדע שטערן.
4. מאַכן לויז(ער); אויפֿשפּיליען. ,,האָט ער...

זיך אויפֿגעלייזט דעם פּעלץ, זיך געזעצט,,, קמ,
5 .6 1869, No. אַרכ. באַפֿרײַען, מתּיר זײַן
אַן איסור. מלל, 1/78. ,,לעזט אויף,, צו
תּהליס, קמ, 1 — בײַם וואָרט 'חלצני'. 6. דטשמ.
פֿונאַנדערלאָזן, אַנולירן, ניט לאָזן מער
פֿונקציאָנירן אַן אינסטיטוציע; ליקווידירן, בטל
מאַכן. א, דעם פֿאַראיין. א, דעם פּאַרלאַמענט.

א, דעם קאָנטאַקט. „עס ווערט אַ שטיקל
מהומה, אָבער גלײַך ווערט די מהומה
אויפֿגעלייזט“, הל, טאָג, 8 II 1958. אונגיי: „אַ פּרי...
[פֿון] אַן עץ וועלכער צו ווינטער ווערט
אויפֿגעלייזט און פֿאַרטריקנט הייסט ניט פּרי עץ“,
הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
7. (מוזיק) צוריקבּרענגען צו דער
פֿריִערדיקער טאָנאַציע. ← אויפֿלייז, בּ2.
אויפֿלייזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. צעגיין,
זיך צעשמעלצן. א, זיך אין וואַסער; א, זיך
בּײַ אַ געוויסער טעמפּעראַטור. „די געשרייען
און געוויינען האָבּן זיך אויפֿגעלייזט אין דער
פֿאַרנאַכטיקער שטילקייט“, דעמבּלין,
צאַנקענדיקע ליכט. 2. דטשמ. ליקווידירן זיך. די
פֿירמע וועט זיך א'.
אויפֿלייזעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלייזן (זיך). ־זעכץ.
אויפֿלייטישן — טרוו. ־יש אויף, ~

געלײַטישט. אויך מיט ז י ך. אויסלײַטישן (←)
אַ בּיסל אָדער בּיז דער נייטיקער מדרגה. „א,
דעם יונג מע זאָל אים קענען רעדן אַ שידוך“.
אויפֿלייטן — טרוו. לייט אויף, ~געלייט.

1. צונויפשמעלצן, מאַכן פון באַזונדערע זאַכן (טיילן) איין זאַך. א, עטלעכע שטיקלעך אײַזן.
2. דורך שמעלצן צענעמען אַ מעטאַלענע זאַך אויף באַזונדערע טיילן. א, דעם ניט־גוט צוגעלייטן אויער פון קוואָרט.

אויפלייטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער -- רעזולטאַט פון אויפלײַטערן (זיך).

אויפלייטערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געלײַ-- טערט. מיטאַמאָל מאַכן לויטערער, קלאָרער. א, דאָס געמיט. א, דאָס פּנים מיט אַ שמייכל. ← ~לויטערן.

אויפלייטערן זיך — אוטוו. ← דפוו פון — זיך, מיטאַמאָל ווערן לויטער(ער). דער הימל האָט זיך אויפגעלײַטערט און ס'האָבן זיך געוויזן די ערשטע שטערן.

אויפלייכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער - רעזולטאַט פון אויפלײַכטן. ,,זאָגט די מאַמע שוין אַ ביסל לײַכטער אָפּאָטעמענדיק און מיט אַ קורצער א, אין די אויגן", ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'.

אויפֿלייכטן — לײַכט אויף, ~געלײַכט, ~
געי־־
לויכטן. פּפּ צו אויפֿלויכטן ←. „די אותיות
און דיא ווערטער [פֿון די תּפֿילו] ...ווערן אוף
לײַכטן דאש ניט צו בּשרײַבּן איז„, ר, יחיאל
מיכל עפּשטיין, דרך הישר לעולם הבּא.
אויפֿלייכטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אויפֿלײַכטערן. די א, פֿון
געמיט.
אויפֿלײַכטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געלײַכטערט. מיטאַמאָל (אָדער בּיז דער נייטיקער
מדרגה) מאַכן לײַכטער, גרינגער. א, עמעצן
די צרות.

אויפֿלעבּן

אויפֿל ײַען — טרוו. לײַ אויף, ~געליִען (~
געי
ליגן, פּד). צונויפֿלײַען, קריגן דורך אַ צאָל
מאָל לײַען. א, צו בּיסלעך אַ גרויסע סומע געלט.
אויסלייענען — טרוו. לייען אויף, ~געלייענט.
דורכלייענען, אויסלייענען אויף אַ קול. א,
די נעמען פֿון די תּלמידים לויטן קלאַס־

זשורנאַל.

אויפֿליכטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿליכטיקן (זיך).

אויסליכטיקן — ־יק אויף, ~געליכטיקט. נעאָל. אויך מיט ז י ך. אוטוו — מיטאַמאָל זיך אַנטפּלעקן אין ליכטיקייט; אויפֿשײַנען, אויפֿהעלן. „פֿון יעדן ליד ליכטיקט אויף אַ דיכטער־פּנים", ראַדאָשיצקי, צוק, 1956, III. "די געשטאַלטן פֿון די בּראָדער זינגער האָבּן אויפֿגעליכטיקט אין מײַן דמיון", מאַנ, וועקער, No 1017. טרוו — מאַכן ליכטיק. א, אַ זעאונג. א, דאָס געמיט.

אוי▯ ליכטצינדן — אַדוו פֿראַזע. (אין לוחות) ווען מע דאַרף צינדן שבּת־ליכט. „פּרשה וישבֿ פֿינעפֿע מיט 23 מינוט א, ל'„, י. מ.

-

ניימאַן, שבּת־אויבּס.

אויפֿלינדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלינדערן.

אויפֿלינדערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געלינדערט. מיטאַמאָל גרינגער אָדער מילדער מאַכן. רעדן צו אַ קראַנקן גוטע רייד. א, דאָס האַרץ.

אויפֿלינירן — טרוו. ־יר אויף, ~געלינירט.
דזוו אויסלינירן ←. אויפֿצייכענען אַ ליניע
(ליניעס). א, דאָס פּאַפּיר.
אויף[לינק — אַדוו פֿראַזע. אויף אַן
אומערלעכן אופֿן, קעגן געזעץ, ניט לויט
אָנגענומענער פֿירונג. אַרבעטן, טאָן אאַזוו א, ל'. „ער
איז ערגעץ באַהאַלטן א, ל, אין אַ בוידעם,,,
בּימקאָ, גנבֿים. אויד: אוי לינקס. „א, ל,
מײַן דיעלאָ האָט מען מיר געמאַכט“,
גנבֿיסליד.
אויפֿליעפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~געליעפּעט.
סל. אויפֿקלעפּן, צונויפֿקלעפּן (אויך פּעיאָ)
א אַ שנייענע באַבע, ט אַפּ־ליאַפּ.
י
אויפֿליעפּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויפֿקלעפּן, צונויפֿקלעפּן. שטיקער בלאָטע
ליעפּען זיך אויף און ווערן פֿאַרפֿרוירן אין
שווערע הרודעס.
אויפֿלעב — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון
אויפֿלעבן (זיך).
אויפֿלעבונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿלעבן (זיך). א, פֿון פֿאָלק,
פֿון אַ באַוועגונג. „קומט דאָך לויט זיי אויס.
אַז די א, פֿונעם לאַנד איז אַ טויט פֿאַר

ישׂראל‟, ממוס, אַ גרויע האָר'. „...ווען ער
,
וואָלט ניט הייליק ברענען פֿאַר דער א, פֿון
לשון‟, אַל, 'דער שׂפֿה־ברורהניק'. „איז דאָס
יאָר תּרנ‟ג דאָס יאָר פֿון...א'‟, לדב, קפּ.
2. שׂמחה, אויפֿמונטערונג. „אַ גרויס א, כאַפּט
אַרום דעם עולם‟, וויַס, 'ווי דער גורל פֿירט'.
3. תּחית־המתים. „און וועלן אויפֿשטיין אין
דער ציַט פֿון א'‟, תּניא, 250.
אויפֿלעבן — אוטוו. לעב אויף, ~געלעבט.
1. ווערן צוריק לעבעדיק. ביַ תּחית־המתים
וועלן די צדיקים א'. „אין שטויב זיך לייג...

אויפֿלעבן

און שטאַרב אום ווידער אויפֿצולעבן‟, יהואָש,
'ניַע געטער'. 2. ווערן געזונט, קומען
צוריק צו די כּוחות. א, נאָך די ניַע
איַנשפּריצונגען. 3. ווערן אַזוי ווי לעבעדיק (וועגן
אומבאַלעבטע זאַכן). „בלעטער
דורכגעשטויבטע, גרויע, נעמען א, אין האַנט‟, סוצ, יִדישע
גאַס. 4. ווידער אויפֿקומען אין זכּרון. די
יונגע יאָרן לעבן אויף. 5. ווידער אָנהייבן

וואַקסן, בליִען. „דער זומער איז געקומען, אַלץ האָט אויפֿגעלעבט“, ספּ, יידישער קאָלאָניסט.

6. ווערן מונטער, פֿריילעך; ווערן אַקטיוו. דאָס פּנים לעבט אויף. „ווערט א, זײַן נפֿש מיט דער גרויסער שׂמחה“, תּניא. „אין מײַן שטעטעלע צום רבין פֿלעגן אָנפֿאָרן די חסידים... אויפֿצולעבן ווי אויף הייליקע ירידים“, אר, 'ערבֿ ראָש־השנה'. „זי האָט אויפֿגעלעבט...זי פּאָרעט זיך שוין אַרום באַל“, מ. בורשטין, גורל.

7. אַרײַנקומען אין אַ נײַער תּקופֿה פֿון פֿונאַנדערבלי פֿון אַנטוויקלונג, פֿון אַקטיוו,

קייט. א, ווען די געשעפֿטן בעסערן זיך. „דער פֿאַראיין האָט אויפֿגעלעבט אַז מע האָט אויסגעקליבן די נײַע פֿאַרוואַלטונג“. „אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע יאָר...האָט ראָסטאָוו אויפֿגעלעבט“, לדב, 10. „דאָס אויפֿלעבן אויפֿדאָסנײַ פֿונעם יידישן פֿאָלק — דאָס איז איטלעכן געלעגן אין מויל“, ממוס, 'אַ גרויע האָר'. „ יידישקייט איז אַזוינס וואָס קאָן אויפֿבליִען, אויפֿ טויען און א', און גרויס און גרעסער, און נאָך גרעסער ווערן“, פּרץ, 'אַ יונגן שרײַבערס חנוכה„.

8. ווערן ווידער אַקטועל. די פּראָבלעם
לעבט אויף. דער ענין קען נאָך א'. „די שאלות
אַליין האָבן זייער האַרבקייט און ביטערקייט
פֿאַרלוירן,...ווען אַלס אייביקע פֿראַגן בלייַבן...
אָבער א, ווען זיי, נייַע קליידער באַקומען
און אַ נייַעם קלאַנג“, פּרץ, זכרונות.
אויפֿלעבן — טרוו. ← דפֿוו. 1.
צוריקברענגען צום לעבן אַ טויטן. „מען איז פֿריִער
אין גן־עדן...און דער טל פֿון תּורה לעבט
אים אויף“, תּניא. 2. צוריקברענגען צו די
כּוחות, מאַכן געזונט. „איך זאָג אייַך,
קאָרטיזאָן האָט מיך אויפֿגעלעבט“, רייד. 3.
לעבעדיק מאַכן אַן אומבאַלעבטע זאַך. א, אין אַ
מעשׂהלע אַלע אַרומיקע זאַכן. „ווער האָט דעם
שלאַנקן מאַרמאָר־טורעם אויפֿגעלעבט?“, דא,
צביה. 4. מאַכן עס זאָל אַרויסקומען
לעבעדיק, נאַטירלעך אין אַ קונסטווערק; ווידער
אַרויפֿברענגען אויפֿן (אין) זכרון. „מיר האָבן
זיך צעשמועסט וועגן רבין און חדר און ער
האָט אויפֿגעלעבט מייַנע ייִנגלשע יאָרן“. „מיר
איז געווען גאַנץ שווער אויפֿצופּוועקן,
אויפֿצולעבן און מאַכן זיך באַוועגן יענע
פֿאַרשוינען וואָס ווירקן אין דעם בוך“, נס, משפּחה
מאַשבער. 5. מאַכן עס זאָל ווידער וואַקסן,

בליִען. „דער פֿרילינג האָט אויפֿגעלעבט די ביימער און די גראָזן“.

6. מאַכן מונטער פֿריילעך, אַקטיוו. א אַן

אײַנגעשלאָפֿענעם עולם. „די מעשׂה פֿון צדקה אויפֿצולעבן דעם גײַסט פֿון דערנידעריקטע“, תּניא. 7. (העלפֿן) אַרײַנברענגען אין אַ נײַער תּקופֿה פֿון פֿונאַנדערבלי, פֿון אַנטוויקלונג,

פֿון אַקטיווקייט. א אַ פֿאַראיין, אַ געזעלשאַפֿט.

א, דאָס פֿאָלק, די קונסט אאַזוו. 8. מאַכן עס זאָל ווערן אַקטועל. א, אַ פּראָבלעם, אַ האַלבֿ־פֿאַרגעסענעם ענין.

9 פֿאַרדינען, צונויפֿקלײַבן. „ער האָט אויפֿ.

געלעבט אַ שיינעם קאַפּיטאַל פֿון זײַן אַרבעט“, ייִפֿאָל, 36 1887, No. [אַקוזזן.]

אויפֿלעבעכץ — דאָס (די), ־ן. אַקט, פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלעבן. פּעיאָ. דאָס א, פֿון דעם באַוועגעכץ.

אויפֿלעבעניש — דאָס (די), ־ן. (

געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלעבן.

אויפֿלעזן — דזוו אויפֿלייזן. אַרכ. דטשמ. אַרכ אויך אויפֿהייבן. „און, לעזט דיא פֿרוכט ווידר פֿון דער ערדן אויף און, עסט זיא„, מב, מעשׂה נג.

אויפֿלעכערן — טרוו. ־ער אויף, ~געלעכערט. לעכערן ביז דער נייטיקער מאָס. א, לעכער און אַרײַנשטעלן מעטאַלענע קלאַמערן.

אויפֿלעכצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿלעכצן.

אויפֿלעכצן — אוטוו. לעכץ אויף, ~געלעכצט. לעכצן, באַגערן עפּעס וואָס איז העכער, בעסער, גײַסטיקער. „בליקסט אויף צו דער הויכער אומשולד, לעכצסטו אויף צו רותן“, צײַט, מטטרון.

אויפֿלעכצעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלעכצן.

אויפֿלענען — טרוו. לען אויף, ~געלענט. פּד.

1. אָנשפּאַרן, אָנלענען. א, דעם קערפּער.
2. אַ ביסל, צום טייל עפֿענען. „ער האָט זי צו דער טיר פֿון צימער צוגעפֿירט,

שטילערהייט אויפֿגעלענט [די טיר] און ביידע האָבן געקוקט אויף שׂרהלען איבערן בעטל“, ווײַס, אַ וואַלדמיידל'.

,

אויפֿלענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַקעגנשטעלן, זיך אויפֿשטויסן. „און אויב דער מינדער־געבילדעטער ייִדישער אַרבעטער האָט זיך אויפֿגעלענט קעגן רעליגיעזע סימבאָלן...“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

אויפֿלעצט — אדוו. צום סוף, לסוף, צולעצט. ‟שרײַבן שרײַבט ער עס אויך אַן ערך פֿון נײַן חדשים (תּשעה ירחי לידה). א, הייבט אים אָן כאַפּן ווייען צום דרוקן„, דלוגאַטש, די וועלט־מסורה, וואַרשע 1881.

אויפֿלעקן — טרוו. לעק אויף, ~געלעקט. דזוו אויסלעקן ←. א, קאַשע ביזן דנאָ. א, אַ נאַשערײַ.

אויפֿלעקעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿלעקן.

אויפֿלערנען — טרוו. לערן אויף, ~געלערנט. פֿירברענגען עפּעס בײַם (דורך) לערנען. א, מידות טובֿות. „אומעטום וואו סיגאַל רופֿט צונויף אַ מנין פֿון ווערטער, ווערט גלײַך עפּעס אויפֿגעדאַוונט און אויפֿגעלערנט“, יג, תּוד.

אויפֿלצעווען — [...לע'צעווען] אוטוו. לצעווע אויף, ~געלצעוועט. מיטאַמאָל אָנהייבן

פּראַווען לצנות. א, פֿון אייגענעם טאַטן.
אויפֿלקהעניש — [...לאַקכעניש] דאָס (די), ־ן.
אויפֿלאַטכעניש. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון
אויפֿלקחענען.

▯

אויפמאַכן

אויפֿלקה(ע)נען
— [...לאַ'קכענען] טרוו. לקחן
אויף, ~געלקחנט. אויפֿלאַטכענען ←.
אויפֿמאָביליזירן — טרוו. ־זיר אויף, ~(גע)־
מאָביליזירט. אויך מיט ז י ך. אויפֿוועקן,
באַוועגן צו אַן אַקציע, צום קאַמף פֿרגל
אויס.
מאָביליזירן. א, צום אויפֿשטאַנד. א, פֿאַר דער
פֿאַרטיידיקונג פֿון לאַנד.

▯

אויסמאַגנעטיזירן — טרוו. ־זיר אויף,
~מאַגנעטיזירט. אויך מיט ז י ך. 1.
מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) מאַגנעטיזירן. „דער
מאַגנעטישער כוח פֿון דעם שטיק שטאָל איז
אָפּגעשוואַכט. מע דאַרף עס א'„. 2. דזוו

אויסמאַגנעטיזירן, בּ2 ←, מיט בּײַטעם: מיטאַמאָל, פֿונדאָסנײַ.
אויפֿמאַדז(ש)גען — טרוו. ־דז(ש)גע אויף, ~געמאַדז(ש)געט. אויפֿפּאַטשקען, אויפֿשמירן. א אַ גראָבּ וואָרט אויפֿן טויער.
-

,
אויסמאַזשען — טרוו. ־זשע אויף, ~ געמאַזשעט. סל. דזוו דפֿוו ←.

אויסמאָטיווירן — טרוו. ־וויר אויף, ~(גע)־מאָטיווירט. קלאָר אַרויסבּרענגען מאָטיוון, בּאַגרינדן. „איך פֿאַרשטיי עס און בּין זיכער אין דעם, אָבּער ווען איך דאַרף עס
אַרויסבּרענג .„ קען איך עס ניט א'", רייד.
אויסמאָטען — טרוו. ־טע אויף, ~געמאָטעט. סל. אויך מיט ז י ך. צונויפֿוויקלען; צונויפֿראָלן. א, עטלעכע פֿאַסמעס בּאַוול אין איין גרויסן פּוק. א, פֿעדעם אויף אַ שפּול(קע).

אויסמאַטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמאַטערן.

אויסמאַטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געמאַטערט. אָפּט מיט זיך. דזוו
אויסמאַטערן ←.

-

אויסמאָטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געמאָטשעט. סל. אויך: ~מאָצען. אויפּנעצן.
א, די סקאָרינקעס, מע זאָל זיי קענען עסן.
אויפֿמאַך — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿמאַכן (זיך). 2. טייל פֿון שלאָס (שלעסל)
פֿון אַ בײַטל (אַ טעקע, טשעמאָדאַן) וואָס מע
נעמט אַרײַן אין האַנט בײַם עפֿענען אָדער
פֿאַרשליסן. א'־צווענגל (בײַטלמאַכערס).

אויסמאַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿמאַכן (זיך). די א, פֿון אַן
אויסשטעלונג.

-

אויסמאַכן — טרוו. מאַך אויף, ~געמאַכט.

1. (פֿאַרענדיקן) מאַכן ביז צו דער נייטיקער מדרגה; מאַכן גוט. א, אַ מאַרינאַרקע וואָס זאָל ליגן ווי אויסגעגאָסן. א, אַ פּאָר שטיוול וואָס זאָלן קנאַקן. „איך מאַך אויף אַ קאָסטיומטשיק, קריג איך פֿאַר דעם טויזנט רובל„, בצג, טמז, 1959 I 16. „די נשמה מאַכט ניט אויף דעם גוף...אָבער דער אייבערשטעד", תּניא, 332.

2. אויפֿעפֿענען. „מיר דאַכט זיך אַז ביי יענעם לאַכט זיך, מאַך איך אויף די טיר — פּונקט (ערגער) ווי ביי מיר„, שוו. „מאַך איך אויף די טיר, דער שלימזל גייט!" (שפּאַסיק, איר). „און שטיל דאָס שויבנטירעלע פֿון אַלקער אויפֿגעמאַכט", אול. „האבין זיא נאָך דען שמש גשיקט אונ, דיא שול לאזין אויף מאכין", גה, 331. „דש וועז שוין קיין חרם איז גשריבן דרויף איז אָסור צו מאכין אנדרי בריב אויף", II זה t. *א, דעם באַלקן (דעם דאַך, די

-

אויפֿמאַכן

סטעליע) = אויפֿהייבן דעם דאַך, מאַכן אַ גרויסן טומל. *א, דאָס טירל (די טיר) פֿון האַרץ = אויפֿוועקן (אָדער אַליין אַרויסווייזן)

רחמנות, ליבשאַפֿט. „מיט אַ שליסל קען מען ניט א, דאָס טירעלע פֿון האַרץ“, שוו. „דײַנע אויגן זאָגן: איך וואָלט געוואָלט א, דאָס טירל פֿון דײַן האַרץ“, נאַד. *א, די אויגן = א) אויפֿכאַפּן זיך פֿון שלאָף. „ווען מע מאַכט נאָר אויף די אויגן..., מוז מען זיך איבערקלערן דעם גרויסן חסד וואָס דער אייבערשטער האָט געטאָן...„, חא, ד/בּ; בּ) ווערן בּעסער נאָך אַ קריזיס בּײַ אַ קראַנקייט; ג) ווערלן זען. „מאַך אויף דײַנע אויגן, ליבּער גאָט, און זע די מי פֿון דײַן טײַער פֿאָלק„, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. *א, אַן אויג = ווי א, די אויגן און אויך: זײַן אין אַ בּעסערן עקאָנאָמישן מעמד. א, אַן אויג נאָכן גרויסו יאַריד. *א, דאָס מויל = א) אָנהייבּן רעדן (זידלען, טענהן); בּ) זיך שטאַרק פֿאַרוואונדערן, זיך חידושן. „אַז מע מאַכט דאָס מויל ניט אויף פֿליט קיין פֿליג

,

ניט אַרײַן„, שוו. *מויל און אויערן אויפֿצומאַכן = ווערן פֿאַרוואונדערט, זײַן פֿאַרגאַפֿט. „ווינטער, צווישן מנחה און מעריבֿ, דערציילט ער מעשׂיות נפֿלאות פֿון אַלטע צײַטן אַז עס איז נאָר מויל און אויערן אויפֿצומאַכן“,

יופּאָל, 3 No 1883. *א, מויל און אויגן = אָנקוקן פֿאַרחידושט מיט אַן אָפֿן מויל. ,,איך האָב געזען דעם דלות...איך האָב אויפֿגעמאַכט מויל און אויגן,,, נחמיה לאָטרינגער, דער יודישער דלות, לעמבערג. *א, די וועלט מיט עמעצן = מאַכן אַ גרויסן טומל אַרום עמעצן, אויפֿפּויקן וועגן עמעצן. ,,איך האָב אים געזאָגט ...ער זאָל מיט דיר די וועלט ניט א',,, אמד, דער מיליאָנער, ווילנע 1868.

3. עפֿענען צוליב פּרנסה; אײַנשטעלן, אָרגאַניזירן עפּעס צוליב געשעפֿט. א אַ וואַר, שטאַט, אַ קרעמל. ,,אַז מע מאַכט אויף אַ קראָם, ווערט מען נאָך ניט אַ קרעמער,,, שוו. ,,ער האָט נאָך ניט אַ קאָפּיקע מיט וואָס דעם שפּײַכלער אויפֿ ומאַכן'', אר, ,דער גמילותחסד.

4. עפֿענען און לאָזן דעם שׂונא אַרײַנדרינגען. א, די פֿעסטונג, דעם פֿראָנט. ,,ווי גאָנטי ימח,,ש מיט די יהודים פֿערטיג וואהר, גינג ער איבר דען הויפּט מאַן וואַש די שטאד אויף גמאכט האָט'', מע)ה אומן. *א, די שטאָט = אויך: אויפֿרודערן די אײַנוואוינערס פֿון שטאָט, אַרויסרופֿן אַ געזעלשאַפֿטלעכן סקאַנדאַל. ,,און

דיזעס מעדכן האָט דערמיט די שטאָט
אויפֿגעמאַכט, און שׂונאים האָבן שוין געהאַט פֿון
וואָס צו רעדן“, אמד.

5. דורכבויערן, דורכעגבערן; בכלל עפֿענען
מיט אַן אינסטרומענט. א, אַ פּושקע
קאָנסערוון. א, אַ שפּאַלט, אַ לאָך. „ווען איין פֿאַס
איין לאָך פֿאַר העט און עש ווער פֿאַר שטאָפּט
מיט דיר היבֿן [= הייוון]...טאָר מן עש וואול
אויף מאַכן...“, לט1' l/73.

6. אויפֿשפּיליען, אַוועקנעמען,
פֿונאַנדערנעמען. א, דעם פּעלץ. א, ד□ס דעקטוך. „'טוט אַ
קוק!'... און ער האָט זײַן מאַנטל
אויפֿגעמאַכט„, קמ, 4 1864, No.

7. (מאַט) עפֿענען, זיך באַפֿרײַען פֿון אַ
געוויסער פֿאָרעם. א, די קלאַמערן. למשל:

a (b+c):::: □ab+a□

□. אויפ□iלייבן, אויפֿזאַמלען. א, אַ גייטיקע
סומע; א, נדבֿות; א, אַלטע קליידער. *א, געלט
— אויך. פֿאַרדינען געלט. „ער איז געקומען
— .

בײַ זיך אין שטעטל און האָט אויפֿגעמאַכט געלט“, משלי מוסר, סליחות כמנהג ליטא, ווילנע 1902.

9. אויסטראַכטן. א, אַ מעשׂה, אַ בלבול, אַ רכילותל.

1O. אַרכ. באַפֿרײַען, אַרויסבּרענגען פֿון אַ מצבֿ וואו מען איז אַזוי ווי פֿאַרשלאָסן, פֿאַרמאַכט. א אַ חרם = א) אַרויסנעמען פֿון

,

חרם. בּ) מתּיר נדר זײַן. „און, מן האָט אים דעם חרם מוזן מתּיר זיין דען ווען זיו שון איינר אין חרם טךט, און, נעמט איין תּנאַי דר בּייא אויז, זוא מוז מן אים דאו דען חרם ווידר אויף מאַכן“, מהמ, דכ“ח/א.

11. אונגייִ. אַרויסנעמען, פֿונאַנדערוויקלען, לייגן (וועגן תּפֿילין). „...דען פּרעדיגער זײַנע תּפֿילין פֿאַר זײַנע אויגן אויפֿגעמאַכט“, עמוד היראה, אונגוואַר 1867.

אויסמאַכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אויפֿעפֿענען זיך, אויפֿשליסן זיך. „לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכן אויף זיך בּיידע טירלעך פֿונעם אָרון,,, דא, געזאַמלטע שריפֿטן I. „באַגינען האָבּן זיו די רויזן אויפֿגעמאַכט,,, הר, אונטער גאָטס

הימלען. אָרכ אויך: זיך לאָזן דערקענען, זיך
מתגלה זײַן. „דא מאַכט זיך דער שׂטן ווידר
אוף אונ, זאָגט...איך בין דער שׂטן אונ, איך
האבּ מיך גימאכט צו איינם עני“, מבּ, מעשׂה
קח.

אויסמאַכעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערד □ער) פּראָצעס פֿון אויפֿמאַכן (זיך).
י

אויסמאַכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס מאַכט אויף. „וואָס אַ פֿרײַנדינע אַן
א'ין קען אויפֿמאַכן, וועט עס דער ערגסטער
שׂ□א ניט אויסטראַכטן„„ רייד.

אויסמאַכערײַ — דאָס & די, (
פֿילמאָליקע) טואונג אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמאַכן.
אַן א, פֿון פֿענצטער און טירן.
□

אויסמאַכעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויפֿמאַכער. א'ע
שטיקעלעך.

אויפֿמאָלויצען — טרוו. פֿאָרמען ←
אויסמאָלויצען. אויפֿדרעשן.

אויפֿמאָלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿמאָלן. די א, פֿון בילד האָט

זיך געצויגן אַ לאַנגע צײַט.
אויפֿמאַליעווען — טרוו. ־ליעווע אויף, ~
געמאַליעוועט. אויפֿפֿאַרבן, אויפֿמאָלן. א, די
שטובן אויף ידם־טובֿ.
אויפֿמאָלן 1 — טרוו. מאָל אויף, ~געמאָלט.
(ווענן ~געמאָלן ← אויסמאָלן 1 .(I. מאָלן
ביז פֿאַרטיק מאַכן. ← אויסמלן I, בבֿ 1—3.
א, אַ בילד. 2. אויפֿקלערן, אויפֿטאָלקעווען.
א, די זאַך אַקוראַטנע, מיט אַלע פּישטשעוקעס.
אויפֿמאָלן 11 — טרוו. מאָל אויף, ~געמאָלט,
~געמאָלן. אויסמאָלן II ←) ביז דער
ייִטיקער מאָס.
אויפֿמאָלעכץ — דאָס, ־ן (־ער). פּראָצעס

אויפֿמאַסקירן

אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמאָלו (I .II) אָפּט
פּעיאָ. אַזאַ א, מעג מען אויפֿהענגען אין קיך.
אויסמאָלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿמאָלן (I & II).
אויסמאַנגלען — טרוו. ־גל אויף, ~
געמאַנגלט. אויפֿפּרעסן וועש מיט אַ מאַנגל.

אויס▯אָנונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿמאָנען. די א, פֿון חובֿות.

אויפֿ▯אַ▯טאַטשען — טרוו. ־טשע אויף,
~געמאַנטאַטשעט. צונויפֿקריגן עפּעס דורו
בעט▯ען אָדער שווינדלען. 'א, אַ שיינע מאַטניאַ',
אַן אַפּותּיקו.

אויפֿ▯אָ▯ען — טרוו. מאָן אויף, ~געמאָנט.
1. אַרײַנקריגן דורך מאָנען, דערמאָנען,
פֿאָדערן פֿאַרלאַנגען. א אַ חובֿ (חובֿות). א,
מיט, ,
גלידס־אָפּצאָל. „הגבאים אויז אלין שולן זולן
די מצוות אויף מאנין קודם י״כ לפחות שני
חלקים“, תּקק. „'גובֿין סתּם ומחלקין סתּם, —
מע מאָנט אויף סתּם און מע צעטיילט סתּם“,
זרעים, כח/א. „יענער דאַרף ניט קומען צו
אים אויפֿצומאָנען, ער טראָגט...אַנטקעגן“,
מוק, מײַנע באַגעגענישן I. 2. אַרײַנקריגן
(חובֿ) מיט דער הילף פֿון מאַכט. א, שטײַערן,
פּאָדאַטקעס. א, מיט פּאָליציי. א, נאָכן פֿאַרקויפֿן
דאָס בעטגעוואַנט. „ראָש הקהל האָט געמוזט
זײַן דער וואָס האָט געקאָנט אַרומגיין מיט
די שמשים פֿון איין אָרעם הויז צום צווייטן
און א'...אויסדריקן און אויספּרעסן דעם

שטײַער“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
3. אַרויסקריגן פֿאַרגיטיקונג; דערמאָנען (זיך) און באַשטראָפֿן פֿאַר זינד. א, די זינד. „צי קען ער דאָס געוויין פֿון בלוט פֿאַרלײַדן און אויך פֿאַרגיסן, אויפֿצומאָנען צאָן פֿאַר אַ צאָן“, הל, גולם. „ער וועט א, פֿון פּרעהן און פֿון די מיצרים יעדן טראָפּן בלוט וואָס זיי האָבן אונדז פֿאַרצאַפּט“, אָש, משה. „אַזוי איז בײַ דער מידה פֿון גבֿורה: א, בײַ די רשעים און שטראָפֿן זיי מיט די שטראָפֿן פֿון דער תּורה“, תּניא, 502.

אויסמאָנער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס מאָנט אויף. דער א, פֿון די חובֿות. „□ט איז אַ גוטער א'“, שוו.

אויסמאָנערײַ — דאָס (די), ־ען. אַרבעט, באַשעפֿטיקונג פֿון אויפֿמאָנער. זיך פֿאַרנעמען מיט א, פֿאָר עטלעכע חבֿרות.

אויסמאָנעריש —, אַדי. וואָס איז בטבֿע, אין כאַראַקטער פֿון אויפֿמאָנער; וואָס איז נייטיק כּדי אויפֿצומאָנען. א'ע מיטלען.

-

אויסמאָנערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנ□פֿט פֿון זײַן אויפֿמאָנעריש.
אויסמאַנקירן — טרוו. ־קיר אויף, ~
געמאַנקירט. אויפֿקאָמבינירן, אויפֿפֿלאַנירן (מיט
דער דעה אָפּצונאַרן). א, אַ פֿוילן תּירוץ.
אויפֿמאָסט(י)ען — טרוו. ־ט(י)ע אויף,
~געמאָסט(י)עט. אויך מיט ז י ך.
אַרויפֿלייגן (עס זאָל אַרײַן אין אָרט וואָס איז דאָ).
א, די וואַליזעס אויף דער אייבערשטער
פֿאָלקע אין דער באַן.
אויפֿמאַסקירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿמאַסקירן (זיד).

-

אויסמאַסקירן — טרוו. ־קיר אויף, ~(גע□־
מאַסקירט. אויד מיט ז י ך. 1.

אַראָפּנע□
אויפּמאָצעווען

מען די מאַסקירונג. א, די ייִדישע שׂונאים,

ווײַזן זייערע אמתע כוונות. 2. פֿאַרדעקן, אַרויפֿטאָן אַ מאַסקירונג. א, דאָס פּנים, מע זאָל ניט דערקענען.

אויסמאָצעווען — טרוו. ־צעווע אויף, ~ געמאָצעוועט. צונויפֿקרעמפּעווען, צונויפֿפֿעסטיקן. א, אַן אײַנגעפֿאַלענעם פּלויט מיט אַ דרענגל.

אויסמאַראָטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~ געמאַראָטשעט. סל. מיטאַמאָל פֿאַרדרייען, אָנדולן (אַ קאָפּ). א, עמעצן אַ פֿולן קאָפּ, פֿאַרקלאַפּן אים די קלעפּקעס.

אויסמאָרגן — דער, ־ס. סובֿ פֿון אַדוו פֿראַזע: אויף מאָרגן. נעאָל. ווען וועט דער א, קומען? „די א׳ס טאָרן ניט פֿאַרשלינגען די באַדערפֿענישן פֿון הײַנט“. [אָבֿער: פֿון הײַנט אויף מאָרגן].

אויפֿמאָרדעווען זיך — אוטוו. ־דעווע זיך אויף, זיך ~געמאָרדעוועט. 1. דזוו

אויסמאָרדעווען זיך ←. 2. ווערן שטאַרק אין כּעס, אויפֿצאָר(ע)נען. א, זיך און ווערן מלא רוצח.
-

אויסמאַרינירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמאַרינירן.
אויפֿמאַרינירן — טרוו. ־ניר אויף, ~(גע)־מאַרינירט. 1. מאַרינירן ביז דער ?.יטיקער מדרגה. א, אַ פֿאַס הערינג. 2. מאַרינירן אַ ביסל. א, ניט מער ווי צוויי מעת־לעת.
אויפֿמאַרינירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן אויפֿגעמאַרינירט. די פֿיש האָבן זיך שוין אויפֿגעמאַרינירט. 2. מאַכן לאַנגע הכנות, מאַכן שהיות. א, זיו אויף נאָטן.
אויפֿמאַרקירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמאַרקירן. די א, פֿון דער פּאַרטיע קלעצער.
אויפֿמאַרקירן — טרוו. ־קיר אויף, ~(גע?־מאַרקירט. 1. אויפֿצייכענען. א, דאָס געהילץ. 2. אויספּלאַנירן. א, אַ ציל פֿאַר זיך.
אויפֿמאַרש — דער, ־ן. אָקט פֿון אויפֿמאַרשירן. דער א, בײַ דער פֿײַערונג. „צוזאָמען מיטן א, פֿון פֿרימאָרגן האָט זיך דאָס שטעטל...“, שטיינוואַקס, טמז, 7 1960 II.
אויפֿמאַרשירונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון

אויפֿמאַרשירן. די א, פֿון די אַרגאַניזירטע אַרבעטער.
אויפֿמאַרשירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע) מאַרשירט. אָנהייבן גיין מאַרשירנדיק ⃞ ← אויסמאַרשירן).
אויפֿמאָשטשען (זיך) — דזוו אויפֿמאָסט(י)ען (זיך) ←.
אויפֿמאַשענעווען — טרוו. ־נעווע אויף, ~געמאַשענעוועט. אויפֿדרייען, אָנדרייען אָ שווינדלעריש געשעפֿט. „אויפֿגעמאַשענעוועט אָ גאַנצע אַקציעס־געזעלשאָפֿט מ⃞ט רומענישן נאַפֿט און בדלות געשטעלט נאַאיווע מענטשי“, ווייז.
אויפֿמוהן — [...מוי'עכן] טרוו. מוח אויף, ~געמוחט. אויפֿבויען מיטן שׂכל; אויפֿקלערן (געוויינטלעך פּעיאָ). א, אַזאַ מאַשינעריע.
אויפֿמוטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמוטיקן (זיך).

▯

אויסמוטיקן — טרוו. ־יק אויף, ~געמוטיקט.
אויך מיט ז י ך. צוגעבֿן מוט, אויפֿמונטערן.
א— אַ פֿרײַנד אין אַ שווערן מצבֿ.

,
אויסמויערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿמויערן. די א, פֿון בנין ▯

▯

אויסמויערן — טרוו. ־ער אויף, ~געמויערט.
אויפֿבויען אַ בנין, אַ וואַנט אע פֿון ציגל אָדער
שטיינער (אָדער אַן אַנדער פֿעסטן מאַטעריאַל).
„מע האָט זיך געקליבן אויפֿצומויערן אין די
בראָנקס אַ שטיבל וואו שׂמחה וועט זאָגן
תּורה“, אָפּאַ, 'שׂמחהס לעבן'. „ווען ער האָט
זיך געקויפֿט אַ הויז אָדער אַ שטוב, אָדער
ער האָט זיך [— פֿאַר זיך] אויפֿגעמויערט אַ

הויז אָדער אַ שטוב — מאַכט ער די בּרכה

שהחיינו,,, חא, מד/בֿ.

אויפֿמוליען — טרוו. ־ליע אויף, ~ געמוליעט. אוקר. אָפּט מיט ז י ך. אויפֿדריקן, אויפֿקוועטשן, אויפֿרײַבן. די ענגע שיך דאָבֿן מיר אויפֿגעמוליעט אַ פֿינגער. א, זיך די פֿיס פֿון אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג.

אויפֿמומלען — דזוו אויפֿמורמלען ←.

□

אויסמונטער — דער. מצ נבֿ. נעאָל. אַקט פֿון אויפֿמונטערו (זיך). ,,אונדזער בליק פֿלעגט זיך ווענדן אַהין מיט האָפֿענונג און א'“, א. אַלמי.

□

אויסמונטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמונטערן (זיך). די גוטע רייד פֿלעגן אַרײַנברענגען א, אין די הערצער פֿון די לײַדנדיקע.

□

אויסמונטערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געמונטערט. אויפֿוועקן מוט, פֿרישקייט, כוחות, האָפֿענונג (צו ווערן אַקטיווער). ,,...האָבן אונדז

מיט נײַעם ליכט באַשײַנט און אין אונדזער קראַנקן האַרצן אויפֿגעמונטערט מוט און ווילן,,, פֿרוג I, ,דאָס קוויטל,. ,,דעם פֿאַרצווייפֿלטן — א', דעם קינסטלער וואָס איז געפֿאַלן בײַ זיך — צו הייבן", בעל־מחשבֿות I.

אויפֿמוסירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)מוסירט. מאַכן עס זאָל שפּרודלען, אַרויסגעבן, שאַפֿן בלעזלעך שוים. א, זעלצער מיט נ▯ך אַ ביסל גאַז.

אויפֿמוקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געמוקעט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג (אָדער הויך) אויסמוקען ←.

אויפֿמורמלען — ־מל אויף, ~געמורמלט. אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסברענגען אומקלאָרע, שטילע קלאַנגען. "אין אָוונט האָט דאָס טײַכעלע אויפֿגעמורמלט". טרוו — עפּעס אַרויסזאָגן ביזן סוף מורמלענדיק. א, אַ געבעט.

אויפֿמורמלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמורמלען.

אויפֿמורקען — אוטוו. ־קע אויף, ~ געמורקעט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג (אָדער הר▯ך) אויסמורקען ←.

אויפֿמ▯שבֿן — [...מוישעוון] טרוו. מושבֿ א▯.ף,

~געמוֹשבֿט. צונויפֿוואַרפֿן, אָנשיטן מיסט, שמוץ. א, אַ באַרג פֿאַר אונדזער טיר.

אויפֿמושטירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמושטירן.

אויפֿמושטירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־מושטירט. אַ ביסל, נאָר ביז דער נייטיקער מדרגה, אויסמושטירן ←.

-

אויפֿמינירן

-

אויסמיאוסן — [...מיִ'עסן] טרוו. מיאוס אויף, ~געמיאוסט. (שפּאַסיק) מאַכן מיאוסער. „איר רופֿט עס אויפֿגעפּוצט? איך רוף עס — אויפֿגעמיאוסט“, רײַך.

אויסמיאַוקען — ← אויסמיאַוקען.

אויסמיגלען — אוטוו. ־גל אויף, ~געמיגלט.

אויפֿשײַנען, אויפֿגלאַנצן, אויפֿפֿינקלען. א, ווי
אַ שטערן אין אַ ווינטערנאַכט.
אויף מײַן וואָרט — פֿראַזע. 1. גענוצט
בײַם פֿאַרזיכערן אַז עס איז אמת, אַז מע דאָרף
זיך פֿאַרלאָזן אויף דעם. „־־־־. האָסט עס טאַקע
אַליין געהערט? — א, מ, וו', מיט די אייגענע
אויערן“. „בין איך, א, מ, וו„ אַ קאַטאָליק
געוואָרן, דעמאָלט האָב איך...געגעסן קאָלבאַס
צעפּענקעטערהייט„„ גוסטאַוו מאַקמאַן, די
נעהיימגיסע פֿון יענער־וועלט, וואַרשע 1865.
2. אויף מײַן באַפֿעל (בקשה). „— וואָס האָט
רבֿקהלע געוואָלט זאָגן? — זי האָט נישט
געענטפֿערט. — רבֿקהלע וועט א, מ, וו, זאָגן!“,
אָפּאַ, פּוילישע וועלדעך.
אויף מײַן קאָפּ — פֿראַזע. אויך: אויף מײַן
אַחריות; וואָס איך וועל עס דאַרפֿן לײַדן,
איבערטראָגן פֿאַרריכטן אע. אַ נײַע צרה
,
(אָנשיקעניש) א, מ, ק'.
אויסמײַסטערן, ־סטרעווען — טרוו.
־
־טער, ־טרעווע אויף, ~געמײַסטערט, ־טרעוועט.
אויפֿבויען, אויפֿשטעלן, א▯ יספֿורעמען עפּעס
(וואָס עס קומט אויס דערבײַ אַ לענגערע צײַט

צו אַרבעטן אָI ער זיך מיִען; קען אויו זײַן א ד,
פּעיאָ). א, אַ מאָדעל פֿון בית־המקדש פֿון אַ
שיף אאַזוו. א, אַ ס כה. א, אַ גאַנצע
סקולפּט ר־גרI פּע.
אויפֿמילדערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געמילדערט. דזוו אויסמילדערן (←), נאָר אין אַ
קלענערער מאָס.

אויסמינטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געמינטערט. 1. אַרויסברענגען פֿון צושטאַנד פֿון
פֿאַרחלשטקייט, אויפֿוועקן פּ ן חלשות. „און
האָט מיט זיך דאָרט, אין דער ווײַבערשער
שול, אַ לימענע אָדער טראָפּנס אַזוינע, אויפֿד.
צומינטערן אי זיך אי אַנדערע, בשעת דעם
חלשן“, ממוס, שלמה. „[ער] איז געפֿאָלן אויף
דער ערד. מע טראָגט אים אין בית־המדרש
אַרײַן א ן...מע מינטערט אים אויף“, פּדץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. 2. אויפֿפֿרישו,
אויפֿוועקן גײַסטיקע כ חות. א, עמעצן לעבֿודת
הבורא. „מע קאָן פּועל זײַן אָ גוטע זאַך ביי
אָ ייִדן, א, זײַן תּוכו...דאַרף מען לייגן כוחות
אויף דעם„, לדב. 3. דזו אויפֿמונטערן. דאָס

פֿריילעכע געזאַנג האָט אויפֿגעמינטערט.
אויפֿמינטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן
אויפֿגעמינטערט. „אַלע גרינסן און גרעז. ▯לעך.־
האַבן זיך אויפֿגעמינטערט פֿ ן זייער
פֿאַרחלשטקייט„, לדב. 2. ווערן פֿרישער,
לעבעדיקער, ענערגישער. א, זיך א▯ן ווײַטער
בלײַבן בײַ דער אַחריותדיקער אַרבעט.
אויפֿמינ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע אויף, ~
געמינ(י)עט. אויפֿשײַנען, אויפֿגלאָנצן. „איר
ווײַסער האַלדז האָט פֿאַר מיר אויפֿגעמינע▯,
ווײַס III, 'מײַן פֿרײַנדס ליבע'.

-

אויסמינירן — טרוו. ▯יר אויף, „...,(גע)
מינירט. אויך: ~מינעווען. אויפֿרײַסן דורך

אויפֿמינצן

אַ מינע, דורך לייגן מינעס. א, דעם צוטריט
צ — די פּאָזיציעס.
ו
אויסמינצן — טרוו. מינץ אויף, ~געמינצט.

אויפֿשטאַמפּן, אויפֿקלאַפּן (מטבעות, קליינע מעטאַלענע חפֿצים). א, אַ מעדאַליאָן, אַ בּראָשקע.

אויסמיסטיקן — טרוו. ־יק אויף, ~ געמיסטיקט. (בּאַ)מיסטיקן בּיז דער נייטיקער מאָס. „ס'איז אַ גוטער בּאָדן, מע דאַרף אים נאָר אַ בּיסל א'".

אוי מיר אַזאַ... ——. פֿראַזע. מיטן המשך: לעבּן, יאָר, וואוילטאָג אאַ. געניצט בּײַ ווינטשעוואַניעס און בּײַם פֿאַרזיכערן אַז מע מיינט עס בּאמת. „וואָס איך ווינטש דיר? — אויף מיר אַזאַ בּרכה!" „וואָס איך ווינטש דיר — הלוואַי אויף מיר אַזאַ מזל". „אויף מיר אַזאַ לעבּן, אויף מיר אַזאַ יאָר!", לאַט, מאַמאָן. „דאַכט זיך אַ קלוגע מיידל, אַ גוטע — אויף מיר אַזאַ יאָר!", יד, אבן נגף.

אויסמיש — דער. מצ נבּ. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמישן. דער א, פֿון די

פֿאַרשיידענע סאָרטן איז געווען גאָר גוט.

אויסמישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמישן. די א, פֿון טהרה און טומאה. „איך האָב צו אַ פֿאַרצאָגט האַרץ קיין בעסערע רפֿואה ניט געפֿונען אַלס די א, פֿון אמת מיט גערעכטיקייט“, נועס המוסר, ווילנע 1864. די א, פֿון דעם ספֿר הזכרונות.

אויסמישן — טרוו. מיש אויף, ~געמישט.
1. בכיוון צונויפֿמישן (צוליב עפּעס). א, פֿאַרשיידענע סאָרטן קאַווע. א, ווײַן מיט וואַסער. „ס'איז אויפֿגעמישט געוואָרן די וואָל מיטן באַוול פֿאַרן שפּינען אָדער ס'איז אויפֿגעוועבט פֿון צוויי מינים“, ש. שפּיראָ, קליידער־פֿאַרבערײַ, וואַרשע 1900. 2. צונויפֿפּלאָנטערן. א, אין אַ שמועס פֿאַרשיידענע ענינים. *א, באָרשט(ש) מיט קאַשע, א, באָטווינע מיט קאַשע = צונויפֿפּלאָנטערן זאַכן וואָס פּאַסן זיך ניט איינע צו די אַנדערע. *א, אַ

גאַנצע קאַשע = מאַכן אַ גרויסן פּלאָנטער. „האָט דער הייליקער צדיק אָנגעהויבן צו זאָגן און האָט אויפֿגעמישט גמרא, תּוספֿות מיט מפֿרשים, מיט רמבּ״ם, מע□tה פֿון מאַן און ווײַב, לעמבּערג 1892. 3. אויפֿבּלעטערן, אויפֿעפֿענען אַ בּוך (און זוכן). ״איך האָבּ אויפֿגעמישט דאָס בּלעטל און האָבּ אים געזאָגט: אַדוני, דאָ שטייט...״, יפּ. „מע האָט אויפֿגעמישט אַ חומש און געוויזן אַז 'תּמר', דער טייטל, שטייט אין חומש״, ממוס, מסעות. „דערנאָך האָט זי גענומען אַ חומשל און אויפֿגעמישט: אדרבּה, ווײַז מיר, צי קענסטו כאָטש דאַוונען״, ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג'. 4. דערמאָנען; אויפֿוואַרפֿן. „איך וועל איר ניט א, קיין אַלטע עבֿירות״, שע, בּלאָנדזענדע שטערן II. „דער זכּרון זײַנער האָט אויפֿגעמישט פֿאַרשיידענע פּאַסירונגען פֿון דעם ווײַטן עבֿר״, לדבּ, 240. *א אַ סמעטענע = אַרויסהייבּן פֿאַרגעסענע

,

זאַכן (מג, מיטן־גאַליציע). א, די פֿאַרגאַנגענהירט. *א, דעם יחוט = דערמאָנען דעם אָפּשטאַם (לגנאי אָדער לשבח). א, דעם יחוס און דערציילן וועגן זײַן טאַטן דעם סימבּירשטשיק. „מיט זײַן זינגענדיקן מגידותדיקן קול האָט ער

ייִדן אויפֿגעמישט דעם יחוס, ווער זיי זענען
און וואָס זיי זענען“, אַש, שטעטל. א, אַן אַלטע
מעשׂה (געשיכטע, פּאַסירונג). *א אַ שמועס

,

= אויך: אָנהייבן אַ שמועס. 5. דורכמישן,
אויסמישן. „אַפֿילו אַן עסן וועלכע שוין
געקאָכט איז און שטייט פֿרײַטיק בײַנאַכט בײַם
פֿײַער איז אָסור מיט אַ לעפֿל אויפֿצומישן„,
הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
אויפֿמישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1 פֿון זיד,

.

אָן אַ כיוון, זיך צונויפֿמישן. „די צוויי סאָרטן
מעל האָבן זיך אויפֿגעמישט, און מיר האָבן
ניט מער דעם בעסערן סאָרט“. 2.
אַרויסקומען ווי אַ נײַער פּראָדוקט בײַם צונויפֿמישן.
„עס האָט זיך אויפֿגעמישט זייער גוטע קאַווע
פֿון די ביידע סאָרטן“. 3. צונויפֿפּלאָנטערן
זיך. „אין זכרון (קאָפּ) האָבן זיך אויפֿגעמישט
די צוויי באַזונדערע עפּיזאָדן“. 4. זיך
עפֿענען (וועגן אַ בוך) אָן זוכן. „דער ספֿר האָט

זיך אויפֿגעמישט גראָד בײַ...“. 5. דערמאָנען
זיך. עס האָט זיך אויפֿגעמישט אַן עפּיזאָד.

אויסמישעוודיק — אַדי. וואָס האָט די
אייגנשאַפֿט פֿון (קענען) אויפֿמישן (זיך). א'ע
מינים, סאָרטן.
אויפֿמישעוודיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט צו קענען אויפֿגעמישט ווערן. א, פֿון
פֿאַרשיידענע מינים ווײַן.

אויסמישעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמישן. אַ פּלאָנטער,
אַ א'.
אויסמישעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿמישן (זיך).
אויפֿמלאכה(נע)ן — [...מעלאָ'כע(נע)ן] טרוו.
מלאָכה אויף, ~געמלאכהט. 1. פֿאַרענדיקן
טאָן אַ בעל־מלאכהשע אַרבעט שלעכט, ניט
געראָטן. א, אַ זאַך, אַז מע זאָל דעם '
באַלמעלאָך, דאַרפֿן צעברעכן (איבערברעכן) די הענט.
2. במקום־ווערב אויסצודריקן ביטול־באַציאונג

צו יעדן מין טאָן אָדער אַרבעטן, וואָס דער רעזולטאַט איז ניט געראָטן. א, [= אויפֿשרייַבן] אַ רעזאָלוציע עס זאָל זײַן אַ חוזק. א, [= אויפֿפֿירן] אַ פֿאָרשטעלונג, אאַזוו.
-

אויסמסהרן — [...מי'סכערן] טרוו. מסחר אויף, ~געמסחרט. אויך: ~מיסהרן.
אויפֿקויפֿן, אויפֿהאַנדלען. א, דעם גאַנצן מאַרק פֿאַר אַ האַרטן דרײַער (האָט איר בײַטעם).
אויפֿמעבלירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמעבלירן.
אויפֿמעבלירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־מעבלירט. אויפֿפּוצן (צימער, דירה) מיטן אַרײַנשטעלן נײַ מעבל. א, די וואוינונג נאָכן לעצטן סטיל.
אויפֿמעטען — טרוו. ־טע אויף, ~געמעטעט. סל. אויפֿצייכענען סימנים. א, די אַרומגעטעסעטע קלעצער. א, די פּרײַזן אויף עטיקעטקעס.
אויפֿמעלדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמעלדן (זיך).
אויפֿמעלדן — טרוו. מעלד אויף, ~געמאָלדן. לאָזן צו וויסן הויך אויף אַ קול. א, אַז דער נגיד קומט.

אויפֿמעלדן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. 1. אָנרופֿן דעם אייגענעם נאָמען בײַם אָנקומען אָדער אין מיטן פֿון אַ צונויפֿקום, אַן אויפֿנעם, אַ שׂמחה

▯

אויפּמערק

אע. א, זיך מיטן גאַנצן טיטל. 2. זיך אַרויסרופֿן. א, זיך צום וואָרט = בעטן אַ וואָרט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. א, זיך מיט אַ שיינער מתּנה בײַ אַ שׂמחה. 3. זיך אײַנמעלדן, זיך רעגיסטרירן אין פּאָליציי, מלוכה־אַמט.

אויפֿמעלן

ליקן. 1. אַרויפֿשיטן מעל פֿון
— טרוו. מעל אויף, ~
געמעלטאויך: ~מע
אויבן. 2. אויפֿמאָלן.

אויפֿמעלקן — טרוו. מעלק אויף, ~געמאָל..
קן. 1. אַרויסקריגן מילך, אָנמעלקן. א, אַן עמער מילד פֿון דיביידע קי. 2. אַרויסקריגן (געלט, אַ חובֿ) צו ביסלעך ביז מע קריגט דאָס וואָס מע דאַרף. א, דעם גאַנצן חובֿ. אויפֿגעמאָלקן מײַן צענערל רובלוויַז.

אויפֿמעלקן זיך — ← דפֿוו. זיך לאָזן

אויסנוצן. א, זיך ווי אַ גוטע קו.
אויפֿמענטשלען — טרוו. ־טשל אויף, ~
געמענטשלט. אַ ביסל אויסמענטשלען (נאָר
אויבנאויפֿיק). „מיר האָבן אים שוין ווי ניט
איז אויפֿגעמענטשלט, אָבער קיין אמתער לײַט
איז פֿון אים ניט געוואָרן“, רייד.
אויפֿמענטשלען זיך — ← דפֿוו. געפֿינען
זיך אין פּראָצעס פֿון ווערן זעלבשטענדיק,
ווערן מיט מענטשן גלײַך. א, זיך ערשט נאָך
דער חתונה.

-

אויסמעסטן — טרוו. מעסט אויף, ~געמאָסטן.
1. מעסטן פֿאַר די אויגן פֿון קונה. ▯ אָט
דאָס איז דרײַ אַרשין? זײַט זשע מוחל, מעסט
עס מיר אויף„. 2. צוגעבן עפּעס בײַם מעסטן.
א אַ שטיקל. ▯. אָנמעסטן. א, דאָס רעקל.

-

אויסמעסטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿמעסטן. קוקן אויף די פֿינגער בײַ
אַן א'.
אויף] מעסערשטעך — אַדוו פֿראַזע (אָדער

טייל פֿון צזוו מיט ז ײַ ן). גרייט צו שטעכן. דורס זײַן; אין זייער שטאַרקן רוגז. ״פֿאַראַן מענטשן וואָס זענען זיך שׂונאים און זענען צווישן זיך א, מ״״, ממוס, אַלטע מע▯Iה.

אויפֿמעקלע(ר)ן ▯ טרוו. מעקל(ער) אויף, ~געמעקל(ער)ט. אָנהייבן פֿאַרמיטלען צווישן סוחר און קונה. א, וואַלד, גיטער אע. ״פֿוו א, ביזן דערזען אַ פּאָר גראָשנס איז פֿאָלג▯ך אַ־גאַנג״.

מי ־

אויסמעקען — ־קע אויף, ~געמעקעט. אוטוו —מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן אָדער ווי אַ ציג). די ציג האָט אויפֿגעמעקעט אין שטאַל. טרוו — אויפֿזינגען, אויפֿזאָגן אע אויף אַ ניט־געלונגענעם אופֿן. א, אַ ליד.

אויפֿמערונג — די, ־ען. פּראָצעס ▯דער רעזולטאַט פֿון אויפֿמערן (זיך).

▯

אויסמערן — טרוו. מער אויף, ~געמערט. קאָנטיק פֿאַרמערן. א, אָפּגעשפּאָרט געלט אין קניפּל.

▯

אויסמערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿאַרמערן

זיך אויף קאָנטיקן אופֿן. די באַפֿעלקערונג פֿון
לאַנד מערט זיך אויף יערלעך אויף...מיליאָן.

□

אויסמערעזשען — טרוו. ־זשע אויף, ~
געמערעזשעט. מערעזשען (← אויסמערעזשען),
העפּטן, אויסשטיקן ביזן באַקומען
געוואונטשענעם רעזולטאַט. א, אַ בלימל אויף אַ טיכל.
אויפֿמערק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿמערקן. 2. נעאָל, זשיט. אויפֿמערקזאַמקייט.

□

אויפֿמערקונג

„ניגער האָט געצויגן דעם לעזערס א, ניט נאָר
דורך דעם ערנסטן צוטריט צו דעם ענין, נאָר
אויך דורך דער אייגנאַרטיקייט פֿון זײַן
סטיל“, זשיט. „אַזאַ אומגערנדיקע מאַמע האָט
ניט פֿאַרן קינד דעם גאַגצן א', זי אײַלט זיך,
זי וויל דאָס מאַכן בקיצור“, מוו, וועג צו
אונדז□1ר יוגנט.

אויסמערקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמערקן. אויפֿמערקזאַמקייט. וועקן, אַרויסווײַזן, אַרויסרופֿן א'. "אובסרבֿאנץ, וואהר נעמונג, אויף מערקו[נ]ג", יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל"ד, כ/א.

אויסמערקזאַם — אַדי. 1. וואָס האָט אין זיך קאָנצענטרירטקייט בײַם אויפֿנעמען עפּעס מיט די חושים; וואָס די חושים זײַנען אויף (צו) דעם צוגעשפּיצט אַ געוויסע צײַט. א, באַקוקן, א, אויסהערן, א, באַטאַפּן. אַן א'ער צוהערער, באַקוקער. „דער א'ער פֿײַנפֿילנדיקער אויער פֿון פֿאָלק", בעל־מחשבֿות III. 2. וואָס האָט אין זיך קאָנצענטרירטקייט און אַ געוויסע מאָס פֿון אָנשטרענגונג בײַם אויפֿנעמען, באַנעמען, באַטראַכטן עפּעס. [אין זײַן א, איז פֿאַראַן דער עלעמענט פֿון אָפּקלײַב: אויפֿנעמען איין אָביעקט פֿון אַ קאָמפּלעקס, איין עלעמענט מער ווי די אַנדערע.] ז ײַ ן א, און צולייגן קאָפּ. א, באַקלערן, באַרעכענען, אַרײַנטראַכטן זיך. *מאַכן א, = אויסטיילן עפּעס און אָנווײַזן אויף דעם אַז מע דאַרף

עס האָבּן אין זינען (ניט דורכלאָזן, יאָ
דערזען, דערהערן אע) אָדער מע דאַרף עס
בּאַטראַכטן. מאַכן א, אויף גרײַזן, אויף
עמעצנס אַן אַרבּעט. ,,מיר האָבּן א, געמאַכט
אונדזערע בּרידער וועגן דעם וואָס ייִדן טאָרן
ניט טראָגן קיין אויסגעצייכנטע קליידער‘‘,
ארז, קמ, 1867 33, No.

￼

אויסמערקזאַמקייט — די, ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּראָצעס פֿון זײַן אויפֿמערקזאַם.
זיך צוהערן, בּאַקוקן, בּאַטראַכטן אאַזוו מיט
א'. ,,ער האָט זיך צו אירע רייד צוגעהערט
מיט דער גרעסטער א'‘‘, ספּ, סודות. ‘‘איבּער
דעם ווינטמיל טוקן זיך עטלעכע ווײַסע
פֿאַרטראַכטע וואָלקנדלעך מיט אַ שטילער א'‘‘, ווײַס
I ￼, 'זעלנער'. וועקן, דערוועקן, ווענדן,
צווענדן די א'. ציִען, צוציִען, שענקען (די) א'.
בּרענגען צו דער א, פֿון עמעצן. אָפּווענדן,
אָפּציִען די א'. ,,ער האָט געוואוסט מיט וואָס
אַוועקצונעמען די א, פֿון [אי￼]‘‘, אָפּאַ, 'פֿון
ניו־יאָרקער געטאָ'.

-

אויסמערקן — טרוו. מערק אויף, ~געמערקט. 1. אויפֿצייכענען, מאַכן אַ סימן; פֿאַרנאָטירן. א, עפּעס אויף עפּעס. א, סימנים, צייכנס, פּרײַזן. 2. אַרײַננעמען מיט די חושים. א, די שיינקייט פֿון בילד. מלל פֿאַרטײַטשט ,ואין קול ואין ענה ואין קשבֿ, (מלכים א, יח, 29) „אויף מערקין" [תּי: הערונג]. 3. זײַן אויפֿמערקזאַם צו (אויף) עפּעס, זיך פֿאַרנאָטירן גײַסטיק. א, זײַן מיין, כּוונה. "מערקט אויף וואַש איך זאגין וויל", 'שילדבורגר זעלצאמי אונ, קורצוויליגי גישיכטי, [אַווע III].

פּ

אויסמערקשאַסט — דאָס (די), ־ן. נעאָל, אפּא, צו פֿאַרבײַטן אויפֿמערקזאַמקייט. [דער נעאָל האָט זיך שטאַרק אָנגענומען]. יעדערן

459

געשענקט אַ באַזונדער א'", ש. בערלינסקי, בילדער און דערציילונגען.

אויסמרוקען — ־קע אויף, ~געמרוקעט.
אוטוו — 1. פּלוצלינג אַרויסגעבן קלאַנגען, ענלעכע צו מרו־מרו. אַ בער, אַ בייזער הונט מרוקעט אויף. 2. דזוו אויפֿברוקען ←. וועגן קלאַנגען פֿון טויבן. טרוו — דורך מרוקען ע עס אַ זאָג טאָן. א אַ בייזן אָפּזאָג.

,

אויסמרוקעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿמרוקען.

אויסמשכונען — [...מאַ'שקענען] טרוו. משכון אויף, ~געמשכונט. צונויפֿנעמען זאַכן ווי משכנות, גאַראַנטיעס פֿאַר חובֿות. גיין פֿון הויז צו הויז און א, די שבת־לײַכטערס פֿאַר די ניט־באַצאָלטע פּאָדאַטקעס (שטײַערן).
אויפֿמשלען — [...מאָשלען] טרוו. משל אויף, ~געמשלט. אויפֿקלערן מיט (דורך) אַ משל אַדער דורך אַ קאָנקרעטן בײַשפּיל. א, למה הדבֿר דומה. א, אַן ענין. א אַז ראובֿן האָט

,

-

עס פֿאַרקויפֿט און שמעון האָט עס געקויפֿט,
קומט לוי און זאָגט אַז... א, (מיט) אַ
טאָרבּע פֿלעקער (פֿלעקענער).
אויף משקולת — [...מישקוי'לעס] אַדוו
פֿראַזע. 'אויף אומזיכערער גלײַכוואָג'; וואַקלדיק,
אומזיכער, אָן פֿעסטן יסוד. *הענגען, שטיין א,
מ, = זײַן אין אַ מעגלעכער סכּנה. „אַ משרת
שטייט שטענדיק בײַם בעל־הבית א, מ, [=
ער קען אים אָפּזאָגן]“, טרובּניק,
זשאַרגאָנלערער, וואַרשע 1886.

אויסן — פּרעפּ אויף + דעם. אין לד אויך פֿאַר
זאַכווערטער פֿון ווײַבלעכן מין פֿינף מינוט
.
א, זייגער. זײַן א, זיבּעטן הימל. שווער א,
האַרץ פֿאַלן א, קאָפּ. „און רחל איז געווען
—.
שיין א, געשטאַלט און שיין א, פּנים“, תּי,
בּראשית, כּט, 17. א, הימל אַ יריד.

אויסנאָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿנאָגן.
אויפֿנאָגל — טרוו. נאָגל אויף, ~גענאָגלט.
ען
1. באַקלאַפּן מיט נעגל, טשוועקעס. א אַ
,
קאַסטן. 2. אויפֿהענגען אויף אַ נאָגל, אַ
טשוואָק, אַ קרוק. א אַ זײַטל פֿלייש.
,

אויסנאָגן — טרוו. נאָג אויף, ~גענאָגט.
1. אויפֿגריזשען. א, ביינער. 2. זייגן, ציִען
אין זיך מיט די ליפּן ביז דער נייטיקער (
געוואונטשענער) מאָס. א, דעם מאַרך פֿון ביין;
א, דעם מאַרכביין.

אויסנאָגעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿנאָגן.

אויסנאָגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס נאָגט אויף. די א'ס פֿון אונדזער
פּראַצע.
אויפֿנאָדלען — טרוו. ־דל אויף, ~געגאָדלט.
1. צונויפֿנעמען, צופֿעסטיקן מיט אַ פּאָר
נאָדלען. צונויפֿשפּיליען מיט שפּילקעס. 2.
אויפֿרעגן עמעצן, אַזוי ווי מיט נאָדלען. א, עמעצן,
אַז יענער זאָל אַזש אונטערשפּרינגען.
אויפֿן אויג — אַדוו פּראַזע. לויט דער
אויגנמאָס, אָן אַ פּינקטלעכער מאָס. „...קויפֿט אין
שטאָט דעם בעסטן טוך און לאָזט...אויפֿנייען
פֿאַרן פּריץ אַ פּאָר פּלודערן א, א'„ אַש,
תּהילים־ייִד. „אַ טבֿיעת־עין, קיין עין־הרע,

אויפּנאַמע

האָט ער, נאָר א, א,...קאָן מען זיך נישט
פֿאַרלאָזן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

אויסנאויוון — דער, ־ס. (אייבערשטע)
אייבערפֿלאַך פֿון גרויסן (רוסישן) אויוון. [האָט
געדינט ווי אַ געלעגער בײַנאַכט, ספּעצ אין
קאַלטע טעג, פֿאַר אַלטע לײַט און קינדער;
זומער פֿלעגט מען דאָרטן האַלטן כּלים. אויך
געניצט צו האַלטן וואַרעם דאָס עסן];
פּעקעליק. „די קינדער נעבעך זענען אַראָפּ פֿון א,
און געמאַכט אַ געוויין“, שע, 'דאָס טעפּל'.
„און יענעם ווינטער אַזאַ כלאָפּ פֿון א, ניט
אַראָפּ“, מל.

אויסן אויער — אַדוו פֿראַזע. שטילערהייט,
גלײַך אין אויער אַרײַן. זאָגן עפּעס,
אַרײַנרוימען אַ סוד א, א'. „האָט ער זיך אָנגעבויגן
צו מיר און שטילערהייט א, א, דערציילט“,
ממוס, ,שם און יפֿת,. „זיי שמועסן עפּעס חדר
בחדר א, א'“, פּרץ, 'דאָס וואַסערל'.

אויסנאָטירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע) נאָטירט. אויפֿשרײַבן (אויף אַ צעטל), קורץ, פֿאַרצייכענען. א, געוויסע רייד (געשעענישן) כּדי שפּעטער באריכות צו שרײַבן וועגן זיי.

אויסנאָיען — אוטוו. נאָיע אויף, ~גענאָיעט. מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) אָנהייבן נאָיען

,

(← אויסנאָיען). אַלע וואונדן נאָיען אויף.

אויפֿנאַלן — טרוו. נאַל אויף, ~גענאַלט. אויך: ~נאָלן. פּאָד, מג. < אויפֿקנאַלן. אויפֿעפֿענען מיט כּוח; אויפֿרײַסן, אויפֿברעכן. „צום אומגליק בין איך געלאָפֿן געשיקט און האָב אויפֿגענאָלט די דלת [= טיר]“, גנבֿים־שפּראַך.

אויסנאַם — דער (די, דטשמ), ־ען. דזוו אויפֿנעם, קבלת־פּנים. דער א, פֿון די בכּבֿודיקע געסט. „מטריח זײַן די דאָזיקע מתים, זיי זאָלן

אַרויף אויף דער סצענע...און ווער ווייס, צי
וועלן זיי זוכה זײַן צו אַ שיינעם א'“, ממוס,
שלמה. א'־זאַל, א'־צימער. „דער גרויסער א'־
זאַל איז פֿאַרגאָסן מיט אַ גרעלע, בליק־שאַרפֿע
ליכטיקייט“, מ. בורשטין, גורל. אויפֿנאַמסגעלט
= דמי התמנות, געלט פֿון די עלטערן בײַם
אָפּגעבן אַ קינד אין תּלמוד־תּורה אָדער פֿון
באַהעלפֿער בײַם אָנגענומען ווערן, 'יערלעכער
באַריכט פֿון דער תּלמוד־תּורה־חבֿרה אין
לוואָוו', תּקמ״ב [בראַווער, רשומות, אַדעס,
תּרע״ח].

אוי□ נאמנות — [...נעמאָ'נעס] פֿראַזע. ווערט

געניצט אַבסאָלוט, אָן פֿאַרבינדונג מיט □ זאַך,
און אין אַ זאַך. אויפֿן ערלעכן וואַרט, אויף
ערנוואָרט. זאָגן, פֿאַרזיכערן, שווערן א, נ'.
[פֿאַרבײַט אַ שבֿועה. געניצט בײַם זאָגן עפּעס
וואָס רופֿט אַרויס אַ ספֿק און בײַם האַנדל.]
געבן (קויפֿן, פֿאַרקויפֿן) א, נ, = אָן באַר
געלט, אָן אַ וועקסל, אָן עדות. האַנדלען א, נ,
= ערלעו, ניט אָפּנאַרן מיט פּרײַז. שטעלן א,
נ, = האָבן צוטרוי.

אויפֿנאַמע — די, ־עס. 1. דטשמ. אויפֿנעם;
קבלת־פּנים [וועגן גאָר געהויבענע געסט].
„הײַנט אויף דער א, וועט ער אים געבן אַן

אָנצוהערעניש,,, מ. בּןרשטין, גורל. 2.
פֿאָטאָגראַפֿישער אויפֿנעם. מאַכן א'ס אויף
דאַטשע. מאָמענט א'. אויסערפֿאָקוסדיקע א'.

אויפֿן אָרט

-

אויסן אָרט — אַדוו פֿראַזע. גלײַך אויף דער
שטעל; בּאַלד, מאָמענטאַל. קללה: זאָלסט
אײַננעמען אַ מיתה־משונה א, אָ,. בּײַ שבֿועות:
איך זאָל אײַננעמען...א, אָ'. ,,אָפּצאָלן דאָס
גאַנצע געלט א, אָ, איז קיינער ניט מחויבֿ,,,
סםוס, ,בּישיבֿה של מטה,.
אויסנאַרײַ'ען — טרוו. ־רײַע אויף, ~
גענאַרײַעט. צונויפֿפֿירן, רעקאָמענדירן, דורכפֿירן
עפּעס דורך נאַרײַען (← אויסנאַרײַען). ,,ווער
עס נאַרײַעט אויף פֿאַרדינט אַוודאי, ווער עס
קויפֿט — איז ווי עס מאַכט זיך“, רייד.

□

אויסנאָרמירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנאָרמירן. גוטע (שלעכטע א□) א'.

אויסנאָרמירן — טרוו. ־מיר אויף, ~(גע)־נאָרמירט. אויפֿשטעלן לויט אַ נאָרמע, סדר, געזעץ. א, די אַרבעט־באַדינגונגען און די אַרבעט־פֿאַרטיילונג (געווייִנטלעך וועגן העכערן ד— נאָרמע).

י

אויסנאָרען — טרוו. ־רע אויף, ~גענאָרעט. 1. אויפֿגראָבן אַ נאָרע, הייל. 2. אויפֿזוכן מיט גרויסער שווועריקייט און מי. א, די זאַך פֿון אונטער דער ערד.

□

אויסנאָרקען — ← אויפֿנורקען.

אויפֿנאַשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנאַשן. אויך: ~נאַש (־עכ□ן).

□

אויסנאַשן — טרוו. נאַש אויף, ~גענאַשט. אויפֿעסן נאַשנדיק (← אויסנאַשן). ''א, קען מען

אַ גאַנצן מאַיאָנטיק,,, שוו. ,,גפֿינט זיך אַשיינור סקאַרבֿ...אַנאַרישער מענטש נאַשטיס אויף אין דער גשווינד,,, מס, משלי תקע״ד, כא, 20. ,,בעטלער צוויי בשותּפֿות אַ געגנבֿעט ברויט... אויפֿגענאַשט״, מלה, 'דאָס האָבֿ איך גערעדט'.

אויסנאַשער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס נאַשט אויף. דער א, פֿון אײַנגעמאַכטס.

אויפֿנאַשעריש — אַדי. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויפֿנאַשער. א'ע מידות.

אויפֿנבֿאַר(לעך) — אַדי. אַרכ. אָפֿן, עפֿנטלעך, וואָס איז בגילוי. ,,אַבֿרהם האָט זיך ניט קענען אויפֿהאַלטן צו לאַכן אויפֿנבֿאַר, און לייגט זיך אויף זײַן פּנים און לאַכט״, צור, לך לך. ,,און אויף די זינד וואָס מיר האָבֿן געזינדיקט פֿאַר דיר, מיט זינד וואָס זײַנען אויפֿנבֿאַרלעך געטאָן געוואָרן״, מחזור (יו,,כּ, חלק שני) פֿפֿמ 1885.

אויפֿן ביין — אַדוו פֿראַזע. (קצבֿיש) ניטצעשניטן, ניט אויסגעבֿיינערט פֿאַרקויפֿן א,
.
בֿ,. א, בֿ, איז עס וועלוועלער. ,,,...געקומען זעקס ארץ־ישׂראל־ייִדן, דווקא גאַנץ שיינע ייִדן,

א, בּ, זענען זיי אַ סך שענער גערעכטן פֿון
מײַנע פסחדיקע אינדיקעס", ייִל, דאָס משלחת,
זשיטאָמיר תּרל"ו.
אויפֿן בּיכל — אַדוו פֿראַזע. דזוו אויף בּאָרג.
נעמען, קויפֿן, געבּן אע א, בּ, (דה פֿאַרשרײַבּן
אין בּיכל דעם חובֿ). „לייזונג איז געווען צום
גרעסטן טייל א, בּ"", קלאָרמאַן, טמז, 1960
9 XI.
אויפֿן גלעזל — אַדוו פֿראַזע. (שענקערײַ)
גל ועלעכווײַז (ניט קיין גאַנצע פֿלאַש). „די
בּאַשרענקונג פֿון ייִדן צו האַנדלען מיט

בּראַנפֿן...בּאַציט זיך נאָר אויף דעם האַנדל
לאחדים (אויפֿן גלעזל)", ייִפּאָל, 46 1886, No.

אויסן דף[— [...דאַף] אַדוו פֿראַזע. תּח.
אַקוראַט, פּינקטלעך, לויטן אָרט פֿון וואַנעט עס
ווערט ציטירט (געוויינלעך בּלויז וועגן גמרא,
אָבּער אויך וועגן פּוסקים). קלאָר זײַן א, ד,.
בּרענגען א, ד'. „אַמאָל האָט אַ למדן געדאַרפֿט
האָרעווען 15 יאָר בּיז ער איז געוואָרן אַ רבֿ,

האָט געדאַרפֿט קלאָר זײַן אין גאַנץ ש"ס
ופּוסקים כּמעט א, ד',,, חובֿבֿ, איין נײַע
מעטאָדע ווי גיך קראַנק צו ווערן, ווילנע 1883.

אויסן דראָנזשיק — אַדוו פֿראַזע. (
בעלעגלהש) לויז צוגעשפּאַנט אין אַ זײַט, ניט מיט
אַ דישל, ניט צווישן די האָלאָבליעס. ,,פּלוצעם
טוט מען אים [דעם לאָשאַקל] אַ צימבל, מע
שפּאַנט עס צו מיט אַ שטריקל צו דער
פֿאַרוואָגלטער מאַמען. גיי, בּחור, גיט מען אים
שטאַרק אָנצוהערעניש מיט דער בײַטש, גיי,
בחור, א, ד'", ממוס, ווינטשפֿ. ,,קוים בּין איך...
נאָר אַרײַן אין טלית [= חתונה געהאַט] אַרײַן,
בּין איך שוין טאַקע געוואָרן אַ פֿערד, ווען נאָך
ניט אין דישל, אָבער אויפֿן דראָנזשיק אַוודאי־',
ייִל, ניט טויט, ניט לעבעדיק, ווילנע תּרנ"ח.
,,אַן אָפּגעדאַוונט [= אַלט, שוואַך] פֿערד,
דריפּעט אויך א, ד'", ייִל, דאָס משלחת,
זשיטאָמיר תּרל"ו [שוו?]. *נעמען עמעצן א, ד,
= אָנהייבן אָפּלאַכן, אונטערשמײַסן מיט
ווערטלעך. גיין א, ד, = גיין אין שפּאַן,
אויספֿאָלגן. *שפּילן (מיטגיין) א, ד, = שפּילן
אַ קאָן אָן געלט מיט דער דערלויבעניש פֿון

די אַנדערע, ווען מע האָט פֿריִער אָנגעוואָרן
אין שפּילן דאָס גאַנצע געלט (בײַ
קאָרטנשפּיל און אַנדערע אַזאַרטשפּילן).
אויפֿן הוילן — אַדוו פֿראַזע. אויפֿן נאַקעטן
הינטן. אָפּשמײַסן א, ה,.

-

אויסן הונט — אַדוו פֿראַזע. וורר. a n I נ:־>.
אויף כּפּרות, צו גאָרנישט. מע דאַרף עס (עס
טויג, עס איז גוט) א, ה'. ,,אַזאַ מתּנה מעגסטו
אַרויסוואַרפֿן, עס האָט ניט קיין ווערט, מע
דאַרף דאָס א, ה',,, רייד.
אויפֿנוד(י)ען — טרוו. פֿאָרמען ←
אויסנוד(י)ען. אַ ביסל (ביז אַ געוויסער מאָס)
נודיען. א, מיט דער זעלביקער געשיכטע. אויך
אומפּ: עס נודיעט מיך אויף פֿון דער
זעלביקער געשיכטע. מיט ז י ך — אנטוו.
אָנהייבן זיך נודיען.
אויפֿן וואַסער — אַדוו פֿראַזע. אויך: אָן הילף,
אָן שטיץ; אומבאַהאָלפֿן; אין אַ סכּנה.
געוויינטלעך מיט ו ו י. לאָזן, בלײַבן, זײַן
א, וו,. ,,עס קען נאָך אויסברעכן אַ שׂריפֿה,
דעמאָלט פֿאַרבלײַבט ער גאָר א, וו', דאָס
הייסט אָן אַ שטעלע“, דטש, דוקאָר. ,,אים

איבערגעלאָזט ווי א, וו,, עלנט, אָרעם און שוואַך", שע.

אויפֿנוואָרלעך — אַדוו. אַרכ. פֿפֿ צו אָפֿנוואָרלעך. אָפֿן און וואָר; אינגאַנצן וואָר, אמתדיק. ,,ווען מע וועט ריכטן עשׂו, דאָ וועט הקבֿ"ה איין מלך זײַן איבער די גאַנצע וועלט א', אָמן", צור, בשלח.

אויפֿן ווינט — אַדוו פֿראַזע. אויף הפֿקר; אָן הילף, אָן שטיץ; ניט־דערהערט. פֿרגל: אויפֿן וואַסער. ,,איו בעט דיר נאָר איין זאַך, מײַן

-

אויפֿנינונען

ליבע קינד, דיזע רייד מײַנע זאָל ניט גיין א, וו,,, י פֿאַרפֿעל, דבֿרי חכמים, ווילנע תּרע"ד.

.

[נאָך אַ קללה וואָס כאַפּט זיך אַרויס, בײַם דערהערן די אייגענע רייד] זאָל עס גיין א, וו.

אויסן וועג — אַדוו פֿראַזע. אין דער געוואונטשענער ריכטונג. *זײַן א, וו, = האַלטן אין געזונט ווערן, אָנהייבן פֿאַרדינען, האַלטן בײַם טרעפֿן עפּעס אע וואָס בינדט זיך מיט עפּעס גוטס.

אויף] נומער זיכער — אַדוו פֿראַזע. דזוו
אויף זיכער, בּ2.

-

אויסנומערירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־
נומערירט. אַרויפֿשרייַבּן, (אַרויפֿשטעלן,
אַרויפֿקלעפּן) נומערן. א, די זיצפּלעצער.

-

אויסנוץ — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון
אויפֿנוצן; פֿאַרבּרויך. דער א, פֿון מאַטעריאַל.
-
אויסנוצונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אויפֿנ ן. ריכטיקע א'.
ו
אויסנוצן — טרוו. נוץ אויף, ~גענוצט.
פֿאַרניצן. א, דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

אויסנוקען — ־קע אויף, ~גענוקעט. אוטוו
— פּלוצעם אָנהייבּן נוקען, צו זאָגן נו־נו. טרוו
— אונטעריאָגן, צואײלן עפּעס צו טאָן מיט
נו־נו. „איך קען ניט פֿאַרטראָגן אַז דו

נוקעסט מיך אויף. דו זעסט דאָך, איך אײַל זיך
אַליין,,, רייד.

-

אויסנורקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
גענורקעט. אַרויפֿקומען פֿון אויבן נאָכן
אונטערטוקן. א, פֿון אונטערן וואַסער.
אויפֿן זייגער — אַדוו פֿראַזע. 1. פּונקט
לויט דער צײַט, ווי דער זייגער ווײַזט. ,,אָפּגע...
לייענט די מגילה אין 25 מינוט א, ז',,, דער
יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. 2. אין
אײַלעניש. זיצן א, ז'. 3. מיטן מקפּיד זײַן
ניט צו אַרבעטן (טאָן עפּעס) לענגער ווי
אָפּגערעדט. קומען, אַוועקגיין א, ז'. ,,ס'איז אַ מינוט
נאָך פֿינף, ער איז שוין ניטאָ,
אַוועקגעגאַנגען. ער איז אַ בעל־מלאָכה א, ז,,,.

-

אויסן זיכער — ← אויף זיכער, ב2.
אויפֿן טאָג —־ אַדוו פֿראַזע. 1. נאָכדעם ווי
דער טאָג איז געקומען; שפּעט אין טאָג אַרײַן.
,,אַלע מלכים...שלאָפֿן ביז דרײַ שעה א, ט',

און איך שטיי אויף האַלבע נאַכט דיך צו
לויבן“, איבז יעבֿץ, עין־יעקבֿ, ברכות.
2. לויטן טאָג, בלויז אויף דעם משך פֿון טאָג.
אָנשטעלן, אַרבעטן א, ט,.
אויפֿן טוץ — אַדוו פֿראַזע. 1. טוצנווײַז.
קויפֿן, פֿאַרקויפֿן א, ט'. 2. וואָלוול, גרינג.
אַזעלכע ווי דו גייען א, ט, = טו.עפֿן זיך
.
אָפֿט, זײַנען ווייניק ווערט. (וואוילויונגעריש)
אַזעלכע ווי דו קען איך אַוועקלייגן (בײַקומען)
א, ס,.
אויפֿניאַנטשען — טרוו. [צווייטע נון אויך
ווייך] ־טשע אויף, ~געניאַנטשעט. ניאַנטשען
ביזן אויפֿהאָדעווען. „אַז זי האָט
אויפֿגעניאַנטשעט דאָס קינד, האָט מען זי משלח געווען“.
מיט ז י ו = האָדעווען זיך און זיך
צערטלען, זיו פֿאַרציִען. א, זיך בײַ אַ רײַכער
מומע.
אויפֿניגונען — [...ניגענען] טרוו. ניגון אויף,
~געניגונט. (שפּאַסיק). שאַפֿן אַ ניגון.

אויפֿניוכען

אויפֿניוכען — טרוו. ־כע אויף, ~געניוכעט.

דערשמעקן (וועגז בעלי־חיים, וועגן מענטשן פּעיאָ). א, די טומאה ווי אַ הונט די נבֿילה. מעטאָנימיש, אומאיידל. דערגיין, דערשנאַפּן. א, וואו עס ליגט די געגנבֿעטע סחורה.

אויפֿניוכען זיך — אַנטוו. ← דפֿוו. 1. צונויפֿשמעקן זיך, צושטיין צו אַ שלעכטער קאָמפּאַניע, חבֿריא, און ווערן אַ מיטבאַטייליקטער אין עפּעס וואָס איז אוממאָראַליש אָדער אומגעזעצלעך. א, זיך מיט שיכּורים, (אַלפֿאָנסן, גנבֿים אע). 2. ספּעצ גרייטן אַ פֿאַרשווערונג. „...האָבן זיך אויפֿגעניוכעט אויף אומבברענגען די בעסטע פֿון אַרבעטער און פּויערים“, בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע II. 3. סתּם זיך צונויפֿחבֿרן, פּעיאָ. א, זיך מיט שוסטעריונגען. 4. קזוו. מאַכן ידאחת, זיך צונויפֿקאָמפּאַניען. וורר. א, זיך און גיין צוזאַמען אין אַ געשעפֿט.

אויסניוכעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿניובען (זיך).

אויפֿניזע(ווע)ן — טרוו. ־זע(ווע) אויף, ~געניזע(ווע)ט. סל. אויפֿציִען אויף אַ שנירל. א, קרעלן. „איין דינינקער שנירעלע, וואָס עס זײַנען אויף אים אויפֿגעניזעוועט קליינע

בּורליאַנטן,,, [אמד], החיים הנצחיים, וואַרשע .1878

אויפֿניט(עווע)ן — טרוו. ניט(עווע) אויף, ~געניט(עוועט). 1. צונויפֿפֿעסטיקן, צונויפֿקלאַפּן מיט ניטן. א, בּלעכן בּײַם דעקן אַ דאַך. 2 פֿונאַנדערנעמען, בּאַזײַטיקן די

ניטן. ל2.

אויפֿניי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנייען. אַן א, (אין) איינס און צוויי.

אויסנייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנייען.

אויפֿנייג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנייגן. דער א, פֿון וועג בּאַרג־אַרויף.

אויסנייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנייגן.

אויסנייגן — טרוו. נייג אויף, ~גענייגט. 1. נייגן, בּייגן אויף אַרויף. א, די האָר וואָס

פֿאַלן אויפֿן שטערן. 2. אַרויסבּרענגען פֿון דער פֿריִערדיקער פּאָזיציע. 3. אויפֿעפֿענען דורך נייגן. א, אַ פֿענצטער (וואָס עפֿנט זיך אויף אַרויף), א, אַ טיר = אַ בּיסל עפֿענען. א, די טיר צו זען, צי ס'וואַרט ווער אין קאָרידאָר.

-

אויסנייטיקן זיך — אוטוו. ־יק זיך אויף, זיך ~גענייטיקט. 1. אומגעריכט, מיטאַמאָל זיך נייטיקן, בּאַדאַרפֿן. א, זיך אין אַ גוטער השגחה. 2. פֿטמ. ווערן אָרעם, ניט האָבּן מער אויף חיונה. „איך האָבּ גאָרניט געוואוסט אַז ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויפֿגענייטיקט„.

-

אויסנייטן — טרוו. נייט אויף, ~גענייט. אַרויפֿנייטן, אויפֿצווינגען. „ער...איז אים עטווס חייבֿ גווענזט, הוט ערש דעם סוחר ממש אויף דז גניט דז ערש פֿון אים הוט בּצלט גנומן“, יצחק־זעקל עטהויזן, שו״ת אור נעלם, א◻לסרו◻ץ

— דאָס (די), ־ן (־ער).
אויפֿניי, הכש״ר לפּק, [1765], יח/א.
פנייע
(אונג). אָפּט מיט ביטול.

461

אויפֿנייען — טרוו. ניי אויף, ~געניית.
1. נייען און פֿאַרטיק מאַכן. „אויס אַ שטיקל פֿון אַ לײַוונטן פּויעריש קלייד האָט עמעץ אַמאָל אַ קליין זעקל אויפֿגענייט“, עט, משלים. „ער וועט עלטער ווערן, וועט ער כאַפּן אַ וואַלפֿיש, אים אויסהוילן, זיך א, פֿון דער שאָפּנפֿעל אַ פּאָר הויזן מיט אַ ראָק צוזאַמען“, אָפּאַ, ,דער משפּט'. *א, זיך אַ טאָרבע = זיך גרייטן גיין איבער די הײַזער צו בעטן נדבֿות; פֿירן אַזוי אַ געשעפֿט מע זאָל ווערן בדלות. „ער גיט אַלעמען אויף קרעדיט, ער נייט זיך אויף אַ טאָרבע“, רייד. „אַלטעניו וועט גיין תּיכּף דערציילן דער מאַמעניו... מעגסטו דיר שוין א, אַ טאָרבעניו און גיין אין די הײַזער“, עט, סערקעלע. „אַ סך גלײַכער, ער זאָל אויפֿהערן לערנען דאָס ביסל גמרא...און זאָל זיך א, אַ טאָרבעטשקע„,זש,

שקלאָווער קינדער. *א, זיך אַ בײַטל = זיך
ריכטן צו קריגן (געלט, רווח) פֿון אומזיכערע
עסקים. געווײנטלעך געניצט איר: *ניי זיך אויף
אַ בײַטל = אומזיסט די האָפֿענונג צו קריגן
אויף וואָס מע ריכט זיך. 2. פֿאַרטיק מאַכן אַ
מלבוש לויט אַ באַשטעלונג. „איר וועט זיך
קענען אונטערנעמען א, דעם קינד אַ פּאָר
שטיוועלעך אויף פסח?“, שע, מעtזיות פֿאַר ייִדישע
קינדער II. „אויך יחיאלן האָט דער קרעטשמער
אויסגעקליידט: אויפֿגענייט אַ נײַעם מלבוש
און אַ פּאָר שטיוול מיט אַ קאַשקעט געקויפֿט“,
אַש, תּהילים־ייִד. 3. צונויפֿנייען. „...,
אַרויסגעריסן האָט ער די פֿעדעם...פֿעסט
אויפֿגענייט די קאָרע“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.

אויסנייעניש — דאָס (די), ־ן. אַ
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿנייען. אַן א, פֿון
פּורים ביז אטתּר־תּענית.

-

אויסניכטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿניכטערן (זיך).

-

אויסניכטערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געניכטערט. אַ ביסל אויסניכטערן (←). א, אים ער זאָל ווי ניט איז קענען גיין אַהיים. אויך מיט ז י ך. א, זיך און זיך אויפֿהייבן פֿון רינשטאָק.

-

אויסניסן — ניס אויף, ~גענאָסן. אוטוו —
1. הויך אויסניסן; א, ווי נאָך אַ פֿאַרקילונג.
2. אַרויפֿניסן. א, אויף די קליידער. טרוו — (מיט ביטול, פעיאָ) דערמאָנען. א, דאָס נעכטיקע (דאָס פֿאַראַיאָריקע) = וואָס עס האָט פּאַסירט נעכטן אאַזוו.

-

אויסניץ — דער, מצ ־ן [~ניצונגען]. אַקט פֿון אויפֿניצן. דער א, פֿונעם פֿאַרגרייטן.

-

אויסניצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿניצן. די א, פֿון מיטלען.

אויסניצן — טרוו. ניץ אויף, ~געניצט.
פֿאַרניצן פֿאַרבֿרויכן פֿאַרטאָן ביזן סוף. א, אַלץ
, ,
וואָס איז געווען פֿאַרגרייט פֿון פֿריִער. א,
די גאַנצע וואָל בײַם שטריקן. א אַלע
האַנ,
טעכער און ניט האָבן מיט וואָס זיך
אָרומצווישן.
אויפֿניצן זיך — ← דפֿוו. אויך: 1. פֿאַרלירן
כּוחות (געזונט, ענערגיע, פֿעאיקייטן) בײַ דער
אַרבעט. א, זיך און ווערן אַ שמאַטע. 2.
פֿאַרלירן פֿריִערדיקן ווערט; שפּילן אַ קלענערע

אויפֿנעם

ראָלע. א, זיך אַז עס זאָל בלײַבן נאָר דער
נאָמען אַליין.
אויסניצעווען — טרוו. ־צעווע אויף, ~

געניצעוועט. איבערניצעווען; איבערקערן אַ מלבּוש
אויף דער אַנדערער זײַט. א, אַ מלבּוש אויף
דער לינקער זײַט, מאַכן צוריק נײַ.
אויף[נישט — אויף גאָרנישט, אויף קיינעם
ניט. „איין ארמן מאַן איז זײַן תּפֿילה אַן
גינומן, ווײַל ער זיך אוף נישט האָט צו פֿר
לאָזן אַלץ אוף גאָט„, ר, יחיאל מיכל עפּשטיין,
דרך הישר לעולם הבּא.

אויסנישטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
גענישטערט. נישטערן, שטאַרק זוכן און
אויפֿזוכן; אויפֿגעפֿינען. א, עפּעס פֿון אונטער
דער ערד.
אויפֿנמשלען — [...ני'משלען] טרוו. נמשל
אויף, ~גענמשלט. אויפֿבּויען, אויפֿשטעלן
אַ דרשה מיט אַ משל און אַ נמשל. איר. „וואָס
האָט ער אויפֿגעדרייט און אויפֿגעטורעמט?
וואָס האָט ער דאָ אויפֿגענמשלט?“, רייד.

אויסנעבּעכן זיך — אוטוו. ־עך זיך אויף,

זיך ~געגעבעכט. זיך מאַכן כלומרשט פֿאַר אַ
נעבעך. אויפֿגעגעבעכט זיך, כאָטש גיי און
מאַך צונויף פֿאַר אים איבער דער שטאָט.

אויסנעם — דער, ־ען (זן, געוויינטלעך
פֿאַרביטן מיט אויפֿנעמונגען). אַקט פֿון
אויפֿנעמען מיט אַלע כּבֿ. ספּעצ: 1. קבלת־פּנים. אַ
וואַרעמער, האַרציקער פֿרײַנדלעכער,
פֿײַערלעכער — ,
כער אע (און אויך פֿאַרקערט: קאַלטער,
קילער...) א,. "— וואָס האָט איר מיר, קינדער,
צום א, געגרייט? — משיח געטרײַער, מיר
האָבן געזייט...,,, יהואָש, 'משיח,. 2.
אוידיענץ. דער א, בײַם פּרעזידענט, מיניסטער
אאַזוו. דער א'־זאַל. 3. פֿײַערלעכער
צונויפֿקום; סעודה, אָוונט בײַ אַ הויכגעשטעלטער
פּערזאָן. דער יערלעכער א, פֿון די
אַקרעדיטירטע דיפּלאָמאַטן. ,,אין אָוונט נאָך אַ שפּעטו
א, בײַם נײַעם גובערנאַטאָר,,, בּערן, בײַם
דגיעפּער 4 .II. דאָס צולאָזן צו זיך (
פּאַציענטן בײַ אַ דאָקטער, קליִענטן בײַ אַן
אַדוואָקאַט און אַנדערע פּראָפֿעסיאָנאַלן) כּדי

אויסצוהערן, צו העלפֿן. א'־ ט אָ ג (־טעג) — װען
מע נעמט אויף געסט, קלי̇ענטן, פּאַציענטן
אאַ. א,־ צ ײַ ט. א'־ ש ע ה (ן). א'־ ש ט ו נ ־
ד ע , דטשמ. א,־ צ י מ ע ר = א) װאו מע
נעמט אויף געסט; ב) װאו עס װאַרטן
פּאַציענטן בײַם דאָקטער, קלי̇ענטן בײַם
אַדװאָקאַט. „דער א'־צ, [בײַם דאָקטע□] איז געװען
פֿול מיט פֿאַרשידענע מינים ייִדן...און
דערהױפּט װײַבער„, אר, ‚בײַ דאָקטוירים'.
5. באַנעם, אַרײַננעם דורך די חושים אָדער
אין שׂכל; פֿעאיקייט צו פֿאַרשטיין; סכום פֿון
דעם װאָס װערט באַנומען. ג□כער, האַסטיקער
אָדער פּאַמעלעכער א'. גרויסער אָדער
קליינער א'. א, פֿון אַ געדאַנק. א, פֿון ליכט, פֿון
קאָלירן, פֿון ריחות אאַזװ. א'־ ק ר ײַ ז.
„עס איז אַ קונסט פֿון א, און פֿאַרדײַען“,
ד. פּינסקי. 6. אַרײַננעם מיט אַ מעכאַנישן,
טעכנישן מיטל. דער א, פֿון עלעקטרישן
שטראָם, פֿון ראַדיאָ־כװאַליעס. א,־ אַ פּ אַ ר אַ ט
פֿאַר װיברירונגען, עלעקטראָנישע כװאַליעס
אאַזװ. א'־ אַ נ ט ע נ ע. 7. דאָס אײַגזאַפּן.

-

א, פֿון זאַלץ אין וואַסער. א, פֿון לופֿט אין אַ קערפּער. 8. געזעלשאַפֿטלעכער אַרײַננעם. א, פֿון אימיגראַנטן אין לאַנד. א, פֿון נײַע בירגערס.

▯

אויסנעמונג — די, ־ען. פּראָצעס, רעזולטאַט אָדער פֿעאיקייט פֿון אויפֿנעמען. א'ס־פֿעאיק(ייִט). „אמתע קריטיק קאָן געבויט ווערן נאָר אויף אַ ברייטער און אַלזײַטיקער א' ספֿעאיקייט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.
אויפֿנעמיק — אַדי. נעאָל. 1. וואָס קען אויפֿנעמען; וואָס איז פֿעאיק, ראוי, מסוגל אויפֿצונעמען. 2. סענסיטיוו, שפּירעוודיק. א'ע נאַטור.
אויפֿנעמיקייט — די (דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפֿט אָדער מידה פֿון זײַן אויפֿנעמיק. 2. סענסיטיווקייט, שפּירעוודיקייט פֿילעוודיקייט. שאַר,

▯ א'.
פֿ
אויסנעמעוודיק — אַדי. וואָס האָט די טבֿע

אויפֿצונעמען; וואָס נעמט שטענדיק אויף. א,
צו אַלץ וואָס ס'קומט פֿאָר אַרום.

אויסנעמעוודיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מידה פֿון זײַן אויפֿנעמעוודיק. אַ
ראַדיאָ אַפּאַראַט מיט דער א, פֿון...
-

אויסנעמען — טרוו. נעם אויף, ~גענומען.
פּד, מג, פּאָד, בּעס — ~גענעמען.
1. אַרויפֿנעמען. א, אויף אַ לאָפּעטע, אויף
אַ הייגאָפּל. א, אויף אַ שיף, אויף אַ פּאַראָם.
*א, איבּערן וואַסער = אַריבּערפֿירן איבּערן
וואַסער (געוויינטלעך וועגן אַ פּאַראָם, אָבּער
אויך וועגן אַ שיפֿל). „צוריקפֿאָרנדיק פֿון
בּאַרדיטשעוו, האָט דער בּעל־עגלה
אויפֿגענומען פּאַרשוינען“, פּרץ, 'אַ גלגול פֿון אַ ניגון'.
2. צונויפֿנעמען, צונויפֿקלײַבּן. א, נדבֿות
פֿאַר אָרעמעלײַט אין אַ רויטער פֿאַטשיילע. א,
געלט פֿאַר אַ חבֿרה. „ולמען תלך בּדרך הטובֿה
ווערן אנשים חשובֿים אַרום גיהן אונ, ווערן
חתימות אויף נעמן וכל א, וא, ירשום
כּפּי נדבֿת לבּו“, 'פּנקס קהלות אַה״ו', כּרוז

פ״ד, תפ״ו [אטף, ייִבל XXXIII]. „אויך נעם איך אויף אַבּאָנענטן אויף דעם חודש...“, קמ, 43 1866 'No, מודעה. „ווען ער דיא גבּאים...זאַך [= האָט געזען] צדקה אויף נעמן, זוא גאבּ ער...אלז ער בּייא זיך האָט“, מבּ, מעשׂה מבּ.

3. מקבּל פּנים זײַן, מכניס אורח זײַן. א, אַ (טײַערן) גאַסט, אַן אורח. א, שיין, וואַרעם, האַרציק, (גאָר) פֿרײַנדלעך אע. א, מיט אָפֿענע אָרעמס. א, ווי אַן אייגענעם (פֿרעמדן). א, קאַלט, מיט קאַלטקייט, מיט אַ קרומער מינע, ווי אַ שׂונא אע. א, מיט כּבֿוד, מיט דרך־ארץ. א, מיט כּיבּוד. „ווערט לייבּציכע מיט אים אַ נאָענטע מחותּנתטע, נעמט אים אויף מיט אַ שיינעם בּרוך־הבּא, מיט כּיבּוד — אַ טאַץ מיט אײַנגעמאַכטס“, ממוס, ווינטשפֿ. „איז זייער הויז [דה פֿון אַרענדאַרעס אין דערפֿער] אָפֿן געווען פֿאַר אָרעמע אורחים, וואָס זענען אויפֿגענומען געוואָרן מיט עסן און טרינקען און מיט אַ נדבֿה אויך“, ממוס, שלמה. „א, געסט — מיט דער גרעסטער פֿרייד, נאָר קומט צו מיר נאָכן עסן!“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „...פֿלעגט ליבּער קומען, זי האָט אים שטענדי אַזוי טרײַ, האַרצלעך אויפֿגענומען“, אר, קיך'. „מע האָט אונדז געלאַדן, מיר א,

זײַנען געקומען. מע האָט אונדז מיט פֿרייד און מיט טענץ אויפֿגענומען, מיט ווײַנען און פֿליישן אין זילבערנע פֿאַנען און שלאָפֿן געלייגט אונדז אויף ווייכע דיוואַנען‟, הל, 'אַ חלום'.

4. געבן (מאַכן) אַ קבלת־פּנים, אַנטקעגנקומען אויף אַ באַזונדערן, פֿײַערלעכן אופֿן (בײַם אָנקומען פֿון אַ חשובֿן מענטשן, אַ הערשער). א, ווי אַ מלך מיט אַ פּאַראַד, מיט אַ סאַלוט. א אַ רבין און זיך אײַנשפּאַנען אין

,

זײַן קאָטש.

5. אַרײַננעמען וו אַ מיטבאַטייליקטן בײַ אַ

,

צונויפֿקום, בײַ אַן אָפֿיציעלער אָדער שׂמחהדיקער סעודה, אין אַן אָוונט, אונטערנעמונג. א, יעדן פֿרײַטיק־צונאַכט פֿרײַנד און שכנים. ‟עס קאָסט טאַקע אַ סך, אָבער מע האָט דאָך געמוזט א, אַלע חבֿרים פֿון אונדזער בּרמצווה־בּחור‟, רייד.

6. געבן אַן אוידיענץ, אַן אינטערוויו מצד אַ וויכטיקער פּערזאָן. דער פּרעזידענט וועט

א, דעם אַמבּאַסאַדאָר פֿון... א, פֿאָרשטייערס
פֿון דער פּרעסע. ,,דער פֿוס איז אים [
גאַריבּאַלדין] געשוואָלן...ער נעמט ניט אויף“, קמ,
13 1863, No. ,,איך וועל אײַך פֿירן צו עטלעכע
גרויסע לײַט...און אַז זיי וועלן אײַך א', זײַט
איר שוין פֿאַרזאָרגט,,, ממוט, מסעות. ,,דער
רבֿ פֿון שטעטל האָט נישט געוואָלט נישט
קומען צו מיר, נישט מיך א, בײַ זיך“, פּרץ,
'נאָר גיי!'.

7. אַרײַננעמען צו זיך אין קאַבּינעט, כּדי
אויסצוהערן, צו העלפֿן. דער דאָקטער נעמט
אויף פּאַציענטן. דער אַדוואָקאַט נעמט אויף
קליִענטן □ דער דירעקטאָר פֿון בּיוראָ וועט
הײַנט ניט א'.

8. בּאַגעגענען (געסט פֿאַרבּעטענע) בּײַם
,
אַרײַנגאַנג. אַ קאָמיסיע אויפֿצונעמען די
דעלעגאַטן. “די בּלאָנדינקע נעמט אויף די וואָס
קומען עסן“, רייד. א, די געסט און
אויפֿהענגען די מאַנטלען. ,,אין דער שטובּ קומען
זיך צונויף אַ סך מענטשן. און אַלע נעמט
אויף אָסנע“, א. קאהאַן, מענטשן פֿון אַלקער.

9. אַרײַננעמען צו זיך און אויסהאַלטן אַ
געוויסע צײַט. א, בײַ זיך אַ פֿרײַנד אַ גאַנצן

חודש. ,,ער פֿלעגט זיך פֿאַרגינען א, אויף עטלעכע טעג אַ רבּין מיט זײַן גאַנצער כּנופֿיא, וואָס האָט אַ היפּש ביסל געלט געקאָסט“, יק.
,,איך האָב מײַן ברודר גאַר זער גקיפֿלט [= צוגעשטאַנען צו אים], וויא מן אין [= אים] האָט אוף גינומן, ער זאַל דיך הער נעמן“, פּראָגבּ, 1.

1O. אָנשטעלן אויף אַ (וויכטיקן) אַמט, אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכער פּאָזיציע. א, אַ נײַעם רבֿ (שוחט) אין שטאָט. ,,ווען מן איינם אויף נעמט לראש ישיבֿה אנדרש וואו...“, תּקק.
,,דאַר נאָך איזט ער פֿאַר איין אָבֿ“ד [אבֿבּית־דין] תּוך הילדסום אויף גינומין וואַרדין,, גה, 66. ,,דער נאָך האבּין אים ק“ק בּינג אויף גינומין פֿר איין רבֿ איסור והיתּר פּסקין, בּיז דס זיא האבּין זעלין איין רעכטין רבֿ אויף נעמין,,, שו,,ת 'פּני יהושע', אַמשט 1715 [הש I]. ,,איז דער בעטלער זיי געפֿעלן און זיי

◻

אויפֿנעמען

האָבּן אים אויפֿגענומען פֿאַר אַ מלך,,, נחבֿ,
◻ מעשׂה בבּעל־תּפֿילה!.

11. אַרײַננעמען אין אַ גרופּע, מצרף זײַן. א, אַ מיטגליד אין אַ חבֿרה, פֿאַראיין אע. א, עמעצן פֿאַר אַ מיטגליד אאַזוו. „איך בעט אײַך, פֿאַרשטויסט מיך ניט, איך בעט אײַך מיך צוערשט אין דער רעליגיאָן אויפֿצונעמען,,, יצחק משה באַדער, הײנריך, קראקא 1893.

12. אַרײַננעמען אין זיך דורך אײנעם פֿון די חושים. א, קלאַנגען, קאָלירן, די ביטערקייט, די שאָרסטיקייט.

13. דערפֿילן, דערשפּירן, אַרײַננעמען אין זיך דורך אַ געפֿיל. א, ווייטיק, פּײַן, צער אע. א, רחמנות. א, נחת פֿרייד אע. א, כלערליי

,

געפֿילן. א, טיף, א, מיטן גאַנצן האַרצן. „אַ סך ערנסטער האָבן עס אויפֿגענומען די עטלעכע ווײַבער וואָס האָבן זיך צעזעצט אין עזרת־נשים‟, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק. „און א, פֿלעג איך די בלוטן, די טרערן, און א, פֿלעג איך דעם ווייטיק־געשריי‟, אַל, ייִדיש'. ‟נעם אויף זײַן צער, און אויב ער קלאָגט — זײַן קלאָג‟, הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים. ‟דיזע גרויסע פֿרייו...איז צו גרויס פֿאַר מײַן ענגן [האַרץ], עס קען עס ניט א, אינגאַנצן,,, אמד, שלמון ועזובֿה, ווילנע 1884.

14. משׂיג זײַן, באַגרײַפֿן, פֿאַרשטיין (אַרײַננעמען אין זיך דורכן אינטעלעקט). א, אַן ענין. ריכטיק א, אין וואָס עס גייט. „קיינער האָט דערווײַל אַזוי טיף ניט אויפֿגענומען די פּראָבלעם ווי...“, רייד. „ווי נעמט איר אויף די ידיעה...? וואָס באַטײַט זי?“, רייד.

15. אַרײַננעמען עפּעס צו באַטראַכטן. א, נאָך אַן ענין. א אַ פֿראַגע, נאָך אַ פּונקט אין

,

□

טדר־היום.

16. אָננעמען. “...נעם אויף דאָס געבעט פֿון דײַן דינסט“ (אין תּחינות). „א, אַלע געשעענישן מיט שׂמחה“, תּניא, קא. „זאָלסט דעם אמת א, פֿון יעדן וואָס זאָגט דיר“, קמ, 1866, No 23. „מע מוז ערשט מאַכן אַזוי אַז דער ייִד זאָל קענען א, ריכטיקע געדאַנקען און אָרנטלעכע מידות“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „זעלכיז איז בײַ עטליכה...אויף גינומן וואַרדין...ער מוז זיך חייבֿ ווישין“, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. א, דעם אַרויסרוף. „האָט ער געקאָנט מיט אַלעמען דעם קאַמף א'“, אַש, תּהילים־ייִד. „אויבֿ דו ווערסט

גוטס ט ן, ווּעסטוּ אויפֿגעגוּמען ווערן“, תּי,
בּראשית, ד, 7. „אין דרײַ טעג אַרום וועט
פּרעה א, דײַן קאָפּ“ [= ווידער דיך אָננעמען],
דאָרטן, מ, 13.

17. אָננעמען איין זאַך פֿאַר אַ צווייטער,
פֿאַררעכענען ווי עפּעס אַנדערש. א, שלעכטס
פֿאַר גוטס. א, עס ווי אַ מזלדיקע זאַך. „אַך
פֿרייאט ער זיך ווען אויף אים יסורים קומען, ער
נעמט אלש פֿר גוט אויף“, לט1, הקדמה. „נעמט
אונדזער גראָבּהייט פֿאַר העפֿלעכקייט אויף„,
טענדלאַו, 461. א, עמעצן פֿאַר אַ צווייטן.

18. פֿאַרשרײַבּן פֿאַרצייכענען אַרײַננעמען
*
,
אין רייסטער. א, די רייד, די ציטאַטן. *א,
סחורה = יעדן אַרטיקל בּאַזונדער
נאָכקאָנטראָלירן נאָך אַ רשימה.

19. אַרײַננעמען, פֿאַרצייכענען,

פֿאַררעאויפֿנעמען זיך

גיסטרירן אויף אַ מעכאַנישן, טעכנישן אופֿן.
אַן אַפּאַראַט אויפֿצונעמען עלעקטראָנישע
כוואַליעס. וואָס נעמט אויף דײַן ראַדיאָ? א,
בּאַוועגונג פֿון שיפֿן דורך ראַדאַר. „...נעמט מען

אַרום די פֿורעמס מיט אַן אײַזערן העמדל וואָס נעמט אויף די לופֿט פֿון...", ל. פֿרומין, וואָס דאַרף מען וויסן... וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932.

20. אַרויפֿנעמען, אַרײַננעמען עפּעס אין עפּעס בײַ אַן אַרבעט־פּראָצעס. א, אַן אייגל (בײַם שטריקן) = דורכציִען אַ פֿאָדעם דורך אַן אייגל אָדער אַ ריי אייגלעך. א אַ שטריק

,

(שטריקמאַכערײַ) = אַרויפֿראָלן, אַרויפֿקײַקלען אויף רייפֿן.

21. (בײַ פֿאַרשיידענע אַרבעט־פּראָצעסן) אַרײַננעמען אין זיך פֿאַרב, לאַק, פּאָליטור אע.
„דאָס ראָזלעכע האָלץ פֿון ע□לבוים...נעמט לײַכט אויף בייץ און לאָזט זיך לײַכט באַאַרבעטן„, בער.

22. אָנקניפּן, אויפֿשטעלן. א, פֿאַרהאַנדלונגען. א, ענגע פֿאַרבינדונגען.

23. אָננעמען און אײַנשטעלן. „ווער אונטערוועגס זיך קוואַטיר אויפֿנעמט אָדער אויך בכיתו אויפֿנעמט אויף ווייניקער ווי דרײַסיק טאָג איז פּטור ממזוזה", הרבֿ א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.

אויסנעמען זיך — ← דפֿוו. מיט
פֿאַרשיידענע בכּ פֿון אויפֿנעמען מיטן צוגאָבֿ. פֿון
.
זיך, אָן אַ כּיוון. ספּעצ: צונויפֿקלײַבן זיך,
צוזאַמענגעמען זיך. האָט זיך אויפֿגענומען אַ
הונדערטער. א, זיך אין אַ באַשטימטער צײַט.
„מע האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, דער עולם האָט
זיך אויפֿגענומען אין רעדלעך און מע האָט
געשמועסט“, דער יִדישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע
.1 1
אויסנעמעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿנעמען
(זיך).
אויפֿנעמער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס נעמט אויף, דער א, פֿון סחורות
אאַ. ל2. „[ש. ניגער] איז געווען מער לערנער
ווי טעאָרעטיקער, מער א, ווי אָנוואַרפֿער“,
שטריגלער, איק, 1956. 2. אַפּאַראַט
אויפֿצונעמען; רעקאָרדיר־אַפּאַראַט. ראַדיאָ־א'.
טעלע ן־א'.
פּ
אויסן עמער — אַדוו פֿראַזע. עמערוויַז.

פֿאַרקויפֿן פֿלוימען, עפּל א, ע'. „לאַכט אויס
אַלע חכמות און וויסנשאַפֿטן, טרינקט בראַנפֿן
א, ע'“, ייִל, כל־בּוניק, זשיטאָמיר, 1876.
אויפֿנעמעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע,
דעם כאַראַקטער אויפֿצונעמען (מיט
פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון ווערבֿ). א'ע פֿעאיקייטן. „יענער
איז האַרט, שטרענג..., דער — ווייך, עלאַסטיש,
א'“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.
אויפֿנעמערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אויפֿצונעמען. אַ גוטע הבֿנה, אַ פֿלינקע
א,.
אויפֿנעמפֿעאיק — אַדי. וואָס איז מסוגל,
פֿעאיק אויפֿצונעמען. זײַן א, פֿאַר
קאָמפּליצירטע לימודים.
אויפֿנעמפֿעאיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט פֿון עמעצן אָדער עפּעס צו זײַן

נעמפֿעאיק. די א, פֿון אַפּאַראַט. א, פֿון
מענטשלעכן שׂכל.

אויסנעצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿנעצן. די א, פֿון וועש פֿאַרן

פּ עסן.

אויסנעצן — טרוו. נעץ אויף, ~גענעצט.
מאַכן אַ ביסל נאַס, פֿײַכט. א, די פֿינגער
בײַם מישן אַ בוך.

אויסנערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿנערן (זיך).

אויסנערן — טרוו. נער אויף, ~גענערט.
אויך מיט ז י ך. געבן מער שפּײַז;
אויפֿהאָדעווען. א אַ שוואַך קינד.

אויפֿן פּוד (פֿונט) — אַדוו פֿראַזע. פּודוויַיז,
פֿונטוויַיז; אַ סך מיט איין מאָל. קויפֿן אויפֿן
פֿונט, אויפֿן פּוד [= פֿערציק פֿונט4 צרות
אָדער נחת אויפֿן פּוד. „בײַם רבינס גבאים
קריגט מען פּעטש אויפֿן פּוד„, ייִל, ווערט־לוח,
אַדעס תּרמ״ג.

-

אויסן פּויק — אַדוו פֿראַזע. אויך: פֿון (אויף)
ליציטאַציע, אויף אַן אויקציאָן. [מע פֿלעגט

מיט אַ פּויק צונויפֿרופֿן צו דער ליציטאַציע].
*פֿאַרקויפֿן א, פּ, = אויך: גיך און וואָל ל
פֿאַרקויפֿן און אָנווערן דערבײַ. פּפֿ: אויפּן
באַראַבאַ'ן. ,,אָט האָט ער אײַך אויסגעלייזט
פֿון לײַטישע הענט מע זאָל אײַך ניט פֿאַרקויפֿן
א, בּ', ער האָט באַצאָלט אײַערע חובֿות,,,
ש. בּערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו
.1884

אויסן פּנים — [...פּאָ'נעם, פּאָ'נים] אַדוו פֿראַזע.
אויבּנאויף. ס'איז (גלײַך) א, פּ'. *דער קוגל
ליגט אים א, פּ, = מע דערקענט גלײַך אַז
ער איז אַ ייִד [וועגן איינעם וואָס וויל ניט,
מע זאָל עס דערקענען].
אויפֿנפֿיההן — [...נעפֿי'כען] טרוו. נפֿיחה
אויף, ~(גע)נפֿיחהט. וואול. הויך אַרויסלאָזן
בּויכווינט. ,,א, אַ תּקיעה דקה“, פֿוול.

אויסן סײַער — אַדוו פֿראַזע. געניצט אויך
אין אַ צאָל אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. טויגן
א, ם, = אינגאַנצן ניט טויגן, זײַן שעדלעך.
*ברענגען, (אַרויפֿ)פֿירן א, פֿ, = שטעלן אין
סכּנה; מאַכן אומגליקלעך. *גיסן בוימל אויפֿן
פֿײַער = אויפֿהעצן; פֿאַרשטאַרקן אַ מחלוקה,
אַ קריגערײַ. *ניט ווערן פֿאַרברענט (
געשעדיקט) א, פֿ, = זײַן מסוגל דורכצוגיין
געפֿאַרן און ניט לײַדן דערבײַ.
אויפֿן פֿלעק — אַדוו פֿראַזע. אויפֿן אָרט;
גלײַך, תּיכּף. געפֿינען אַ תּירוץ א, פֿ'. „די
פֿפייל בלייַבן אין אים שטעקן, דא שטארב ער
ליידר אויף דעם ולעקן“, בבא־בוך, 30.
אויפֿן פֿעלד — אַדוו פֿראַזע. אויך: 1. אויפֿן
בית־עולם, אויפֿן בית־החיים. „ערבֿ יום־כּיפּור
אינדערפֿרי זאָלסטו נעמען איין מענה־לשון און
זאָלסט גיין א, פֿ'“, מסדר אגרת, תּקפּ“ה.
אויך: אויפֿן ריינעם פֿעלד. 2. בײַם טאָן
נאַטירלעכע באַדערפֿענישן. גיין, זײַן א, פֿ'.
אויפֿן צימבל — אַדוו פֿראַזע. מיט נ ע מ ע ן.
אויך: אויפֿן פֿאַרהער; אויף אויסצופֿאָרשן; צו
מאַכן חוזק פֿון עמעצן. חבֿרה נעמען דעם
יאָלד א, צ'. „ווען מע האָט די עלטערע פֿרוי
גענומען א, צ„ איז אַרויסגעשוואומען אַן

-

אויפֿסדרן

אומגעוויינלעכע געשיכטע“, י. שמולעוויטש,
פֿאָר, 10 1961 III.
אויפֿן קאָפּ — אַדוו פֿראַזע. 1. אויף
אויסוווייניק. „אַ יונגערמאַן נאָך פֿאַר די שלושים,
אָבער מלא וגדוש, האָט ש“ס א, ק'“, באַש.
2. ניט ניצנדיק קיין פּען אָדער אַן אַנדער
מכשיר. באַרעכענען אָדער אויסרעכענען א, ק'.
3. מיט ה אָ ב ן. האָבן אין זינען, לייגן
אַכט; געדענקען. האָבן א, ק אַלע פּרטים.

,

אדיפֿן קוק — אַדוו פֿראַזע. 1. אויפֿן (לויטן)
ערשטן אײַנדרוק. „א, ק, איז ער זיך אַ
דורכשניטלעך מענטשל“, רייד. „א, ק, זעט ער נישט
אויס [צו קענען מאַכן שטיק]“, אָפּאַ, '
קאָמעד אַנטן'. 2. לויט אַן אָפּשאַצונג, אָן
פּינקטי
לעכן וועגן אָדער מעסטן. „דער סאָרט לעדער
ווערט ניט פֿאַרקויפֿט אויף דער וואָג, נאָר א,
ק'“, וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער־
אויסאַרבעט, 1922.

אויסן שפּיץ מעסער — אַדוו פֿראַזע. אויך:
1. אַ ביסל, אַ קליין ביסל. אַרײַנטאָן פּעפֿער
א, ש, מ'. „ער לערנט אויפֿן שפּיץ מעסער“,
שע, מאָטל. 2. שאַרף, ראַדיקאַל. שטעלן די
פֿראַגע א, ש, מ, ["געענומען איז עס דערפֿון
וואָס אַמאָל פֿלעגט מען די אויפֿפֿאָדערונג צו
אַ דועל איבערגעבן אויף דעם שפּיץ אָדער
שאַרף פֿון אַ שווערד“, יע, ייִדישע
מאכליט II].
אויפֿסאָכנ(י)ען — ־נ(י)ע אויף, ~
געסאָכנ(י)עט. אוטוו — ווערן דאַר, טרוקן. דער
בוים האָט אויפֿגעסאָכנעט, געוואָרן טרוקן ווי
פּעפֿער. טרוו — אויפֿטריקענען. א, עטלעכע
שײַטלעך האָלץ, זיי זאָלן ברענען.
אויפֿסאָפּען — אוטוו. ־פּע אויף, ~געסאָפּעט.
מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) סאָפּען, אָטעמען
שווער. א, הויך און מיט הפֿסקות. א, בײַם
לויפֿן. פּפֿ: ~סאַפּען.

אויססאָפּעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿסאָפּען.

-

אויססאַקאָטשען — אוטוו. פֿאָרמען און בּ ← אויססאַקאָטשען.

אויססאָרטירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿסאָרטירן.

אויססאָרטירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־סאָרטירט. סאָרטירן בּיז דער נייטיקער מדרגה. א, סחורות. פּפֿ: ~סאָרטעווען.

אויססאָרטירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו פֿון

.

זיך (אָן באַפֿעל אָדער אָנשטרענגונג) זיך טיילן אין גרופּעט.
אויפֿסגוואַ'לד — אַדוו. פֿד. איבערגעוואַ'לד;
מיט כּוח, קעגן אייגענעם ווילן. צונעמען א'. „
געוויין דעם שׂטנס טיף בײַנאַכט...א, בין איך
פֿאַראַן פֿון זינט [דער מענטש] מאַכט מיך
וואָר מיט זײַנע זינד. צו דיר, אָ גאָט, גייט
אויף מײַן פּײַן, פֿון זײַן א, פֿון מוזן זײַן„,

,

צײַט, מטטרון. "...האָבן א, געוואָלט פֿאַרגעסן
דעם פּראָסטן פּויערישן אָפּשטאַם", ייִט, פּוילן
II. אויך: אויף ס'גוואַלד.

אויססדרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿסדרן (זיך).
אויפֿסדרן — אַרויסרייד פֿאָרמען ← אויססדרן.

,

אויך מיט ז י ך. סדרן ביז דער נייטיקער

אויפּסודען זיך

מדרגה, מאָס. א, די אַרטיקלען אין קראָם, מע
זאָל ניט פֿאַרלירן צײַט זוכנדיק.
אויססודען זיך — [...סוי'דען] אוטוו, קזוו.
סוֹדע זיך אויף, ~געסוֹדעט. זיך צונויפֿרעדן
שטילערהייט, בסוד. זיך א, ווי גנבֿים.

□

אויססווישטשען — טרוו. ־שטשע אויף, ~
גע□ □סש□ □. סל. אויפֿפֿיי□ן ←.

□

אויססוהרן — [...סויכערן] טרוו. סוחר אויף,
~געסוחרט. אויך: ~סהרן [סאַ'כערן].
אויפֿהאַנדלען, אויפֿקויפֿן (געוויינטלעך, פּעיאָ). א,
אַרטיקלען וואָס מע דאַרף זיי אַרויסוואַרפֿן.

□

אויססטאַטקעווען — טרוו. ־קעווע אויף,
~געסטאַטקעוועט. אויך מיט ז י ך. מאַכן
פֿאַר אַ סטאַטיק, געזעצטער, רואיקער,
לײַטישער. א, אַ צעלאָזענעם יונג.
אויפֿסטאַלירן — טרוו. ־יר אויף, ~
געסטאַלירט. פֿטמ. מאַכן געדיכטער, שטײַפֿער,

נאָך אַ לויפֿעניש. א, דעם מאָגן מיט בלויע
אַגדעס, מיט ריַיז. אויך מיט ז י ו — אוטוו.
י

אויף סטאַלע — אַדוו פֿראַזע. (אונטערוועלט,
גנבֿים־שפּראַך) אויף שטענדיק, אויף אַלעמאָל.
„וויל סטו האָבן אַ ווײַב א, ס'...“, בימקאָ,
גנבֿים. [אין די יאָרן צווישן ביידע
וועלטמלחמות אַריַינגעדרונגען אויך אין אַנדערע
קרײַזן].
אויפֿסטאַרטשען — ־טשע אויף, ~
געסטאַרטשעט. אוטוו — סטאַרטשען, שטאַרצן
אַרויפֿצו. „דער שפּיץ פֿון קלויסטער סטאַרטשעט
אויף פֿאַר די אויגן“. טרוו — מאַכן עס זאָל
סטאַרטשען. א, די שפּיציקע פֿלאָקנס, מע זאָל
ניט קענען אַריבערקריבן דעם פּלויט.

אויססטאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אויף,
זיך ~געסטאַרעט. זיך שטאַרק באַמיִען. ז ד
א, צו קריגן עפּעס.
אויפֿסטויגעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געסטויגעוועט. אויפֿלייגן אין סטויגן. א, היי
נ ::ן שניט.
אויססטופּען — טרוו. ־פּע אויף, ~

געסטופּעט. אויפֿקלאַפּן אין אַ סטופּע אָדער שטייסל.
א, פֿאַרפֿעלעך. א, פֿעפֿער.
אויפֿסטוקען — ־קע אויף, ~געסטוקעט.
אוטוו — (אין קאָרטנשפּילן, ספּעצ סטוקלקע)
מעלדן אַז מע דאַרף זיך אָפּשטעלן, מער קיין
קאָרטן ניט נעמען און זען ווער עס האָט
בעסער לויט די כּללים פֿון שפּיל. די (דער)
באַנק האָט אויפֿגעסטוקעט. טרוו — דזוו
אויססטוקען ←.
אויפֿסטורקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געסטורקעט. דזוו אויפֿטאָרקען ←. מיט אַ
שטויס, שטופּ, אויפֿוועקן אָדער צווינגען זיך
אויפֿצוהייבן.
אויפֿסטעכעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געסטעכעוועט. אוקר. אַרײַנקריגן עפּעס דורו
בײַטן, דורך אַ חילוף. א, אַ יקר־המציאותל.
אויפֿסטעמפּלע(ווע)ן — ←
אויפֿשטעמפּלע(ווע)ן. „איינער האָט אָפּגעשניטן דאָס לעצטע
בלעטל, אײַנגעקלעפּט אַן אַנדערס און
אויפֿגעסטעמפּלט זײַן אַדרעס“, פּרץ, ליטעראַטור און
לעבן.

-

אויפּסטערטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~געסטערטעוועט. דזוו אויפּסטויגעווען ←.

אויפּסטראָיען — טרוו. סטראָיע או␣ף, ~

סטראָיעט. סל. אויפֿבויען, אויפֿשטעלן. א, אַ מויערל, אַ פֿאַבריקע.

␣

אוי␣סטראָיען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויפֿפּוצן זיך; אַרויסשטעלן זיך מיטן אויסזען, מיט מלבושים אאַ. א, זיך ווי אַ פּריצטע און אַרויספֿאָרן מיט רייד ווי אַ יענטע.

אויפּסטראָ(נ)צלען — פֿאָרמען און בּ ← אויססטראָ(נ)צלען.

אויססטראַשען — טרוו. ־שע אויף, ~ געסטראַשעט. אויפֿוועקן, בּאַוועגן עפּעס צו טאָן אָדער ניט צו טאָן דורך סטראַשען, אָנשרעקן. א, עמעצן צו צאָלן.

-

אויססטרויען — ← אויפּסטראָיען.

□

אויסשטריגעווען — טרוו. ־געווע אויף, ~
געסטריגעוועט. צונויפֿסטריגעווען, צונויפֿציִען
מיט ביִליקן פֿאָדעם און לאַנגע שטעך. אויף
דערווײַל א, אַ מלבֿוש וואָס מע האַלט אין
נייען.

אוי□סיאָ'ר — אַדוו. פֿד. איבֿעראַיאָ'ר. „ווייל
איך אײַך נאָר ווינטשן אַז איר זאָלט א, דעם
גאַנצן 'מה נשתּנה, מיטן ,עבֿדים היינו,
פֿאַרגעסן“, פּרץ, 'עס □.יט צו פּסח'. „ער האַנדלט,
און שלאָפֿט נישט גאַנצע נעכט, און קלערט
אַלץ: מאָרגן, שפּעטער, א'„, פּרץ, ,בטחון'.

□

אויססיטען — טרוו. ־טע אויף, ~געסיטעט.
אוקר. אויפֿוויקלען פֿאָדעם אויף אַ שפּול,
העלצל. א, אַ זשמוט באַוול.
אויפֿסיל(י)ען

— טרון□. סיל□. דזוו
אויפֿציי ע אויף, ~
געסיל(י)עט. אויך: ~סי עוו
ל(י)ען. אויפֿציִען, אויפֿקלײַבן עפּעס או□ף אַ
פֿאָדעם, אַ שנירל. א, פּערל, קאַרעלן,
פּאַטשערקעס אויף אַ פֿאָדעם.

-

אויססינקעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געסינקעוועט. אַרײַנטאָן אַ ביסל בלויעכץ, סינקע (בײַם וואַשן וועש).
אויפֿסך־הכּלען — [...סאַכהאַ'קלען] טרוו. סך הכּל אויף, ~געסך־הכּלט. דזוו אויססך־הכּלען ←.
אויף; ס'כּוה — אַדוו. ← אויף כּוח. פּד.
,,האָט ער [דער מענטש] א, מיך [דעם שׂטן] געמאַכט... מיט זײַנע זינד,,, צײַט, מטטרון.
אויפ□ □ינ(י)ען — סלינ(י)ע אויף, ~
געסלינ(י)עט. אוטוו — אַרויסבּרענגען אַ ביסל שפּײַעכץ. ,,דאָס קיגדעלע מײַנס סליניעט כּסדר אויף“, רייד. טרוו — אויפֿנעצן מיט אַ ביסל שפּײַעכץ. א, די שפּיץ פֿינגער.
אויפֿסמאָטשקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געסמאָטשקעט. אויפֿזייגן, אויפֿנאָגן, אויפֿקושן (מיט אַ הילך). ,,דאָס קינד איז אַזוי זיס, איו וואָלט אויפֿגעסמאָטשקעט אַלע זײַנע ביינדעלעך,,.
אויפֿסמאַליען — טרוו. ־ליע אויף, ~
געסמאַליעט. סמאַליען ביז דער נייטיקער מאָס (געוויינטלעך — אַ ביסל). ← אויססמאַליען.
אויפֿסמאַליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיו אָנהייבן ברענען מיט אָ פֿײַערל (פֿון אַ

פֿונק). „מע האָט אַרײַנגעלייגט שײַטן האָלץ
אין אויוון צום טריקענען, האָכּן זיי זיו
אויפֿגעסמאַליעט“.

אויפֿסמאַליעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿסמאַליען (זיך).

▯

אויססמאָרען — ־רע אויף, ~געסמאָרעט.
אוטוו — מיטאַמאָל אַרויסבּרענגען קלאַנג(ען)

▯

אויפּסקרוכען

מיט דער נאָז. אַ שיכּור סמאָרעט אויף. טרוו —
אַרײַנציִען מיט דער נאָז. א, סמאָרגלעכץ וואָס
רינט פֿון נאָז.

-

אויססמאַרקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
געסמאַרקעט. סמאַרקען, שנײַצן אויף עפּעס. א,
אויף דער פּאָדלאָגע.

▯

אויססמאַרקען זיך — ← דפֿוו. אויסטיילן
פֿון זיך שנײַצעכץ. *א, זיך אויף עמעצן =
(גראָבֿ) איגנאָרירן עמעצן, זיך ניט רעכענען
מיט עמעצן.
-

אויססמיקען — טרוו. ־קע אויף, ~געסמיקעט.
אוקר, סל. אויפֿצופּן, אויפֿפּליקן. א, אַ זשמוט
(בינטל) האָר פֿון באָרד.

□

אויססמעטניקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ.
~געסמעטניקט. סל. אָנמאַכן אַ סמעטניק, אָ□ .
טראָגן מיסט, אָפּפּאַל. א, די שטובֿ, דעם הויף.
אויך: ~סמיטניקן.

□

אויססעטשקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געסעטשקעט. וורר, אוקר, פּר. אָנהאַקן,
אויפֿ□.אָקן. א, שטרוי.

□

אויססנײַ — אַדוו. אויפֿדאָסנײַ, ווידעראַמאָל;
נאָכאַמאָל דאָס זעלביקע (אָדער בעסער). א,
קומען מיט די זעלביקע שאלות. א, זיך
איבערטאָן. איבערבויען א,. „דער וואַלד בלײַבט
שטיין, ער גייט ניט אַוועק, מעגן פּאַליעס

קומען א'", עט, לידער. „אַ צווייטער ערגעץ
וועט אויפֿשטיין און מאָלן א', מאָלן אויף אַ
נײַעם אופֿן„, קאָראַלניק II. „מײַן האַרץ
איז אויפֿגעראַמט א, פֿאַר דיר אַליין", ראָלניק,
אַ דורכגייער האָט דאַן געװוט'. „זאָל דײַן
,
זון פֿאַרכּישופֿן א, אים, א, פֿאַרסמען אים
דאָס בלוט...מיט ייִדישקייטס פֿאַרוואַלגערטע
שיריים„, צײַט, געזאַמלטע לידער I. „איו
זינג צום יונגן בלאַט, ווען אַלע מײַנע פֿינגער
צעאַקערן א, זײַן ביסל ערד אין טאָפּ", הל,
אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים. [אויסגעלייגט אויך:
אויף ס'נײַ.]
אויפֿסנײַאיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז
אויפֿסנײַ. „...מיט אַן א'ן אָנזאָג און צוזאָג אויף
לידער„, יג, איק, 1958 I 13.
אויפֿסעקען — טרוו. ־קע אויף, ~געסעקעט.
לאָקל (סאָניק און אומגעגנט). אויפֿוועקן. א,
(אַ טויטן) פֿון שלאָף.
אויפֿסערווירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)
סערווירט. דערלאַנגען צום טיש. א, אַ מאָלצײַט,
אַז מע זאָל זיך באַלעקן.

אויססערפן — טרוו. סערפּ אויף, ~געסערפּט. נעאָל. אויפֿשנײַדן מיט אַ סערפּ. „מענטשן פֿון נאַקעטע פֿעלדער וועלן קרמען אין שטאָט אויפֿצוסערפּן...דעם פּענכער פֿון גאַליקן סוד„, ש. מאַלץ, שאָטן פֿון הונגער,

אויפֿסקראָבען — טרוו. ־בע אויף, ~ געסקראָבעט. אויפֿקראַצן, צונויפֿקראַצן. א, דאָס לעצטע ביסל טייג פֿון דייזשע.

אויפֿסקראָבען זיך — אוטיו. ← דפֿוו. 1. צר נויפֿנעמען זיך, צונויפֿקראַצן זיד. וואָס בײַ א קבצן קען זיך שוין א,. 2. מאַכן שהיות, לאַנגע הכנות. א, זיך צו דער אַרבעט ווי אַ נגיד צו אַ קרענק.

אויפֿסקרוכען — ־כע אויף, ~געסקווטעט. אוטוו — אויפֿציטערן, אויפֿטרייסלען זיך (עס זאָל דורכגיין אַ סקרוך דורכן לײַב). א, בײַ

אויפּסקריטשען

אַ מינדסטן דיר. טרוו — מאַכן אויפֿציטערן. א— קינדער מיט אַ מעשׂה וועגן אַ בייזן מכשף.

אויססקריטשען — אוטוו. ־טשע אויף,

~געסקריטשעט. סל. פּלוצלינג אָנהייבן
קריצן מיט די ציין. אויך א, מיט אַ טשוואָק אע.
אויפֿסקריפּען — ־פּע אויף, ~געסקריפּעט.
אוטוו — מ טאַמאָל אָנהייבן סקריפּען. געבן
אַ סקריפּ(ע). א, מיט דער טיר. טרוו —
אַרויסזאָגן, אַדיפֿשרײַבן עפּעס וואָס ווירקט ווי
סקריפּעדיקע קלאַנגען. א, אַ פּאָר ווערטער,
גראַמען.
אויססרהע(נע)ן — [...סאַרכענען] אוטוו.
סרחע, סרחן אויף; ~געסרחעט, ~געסרחנט.
שטאַרק אויפֿשטינקען. א אַזוי אַז מע זאָל
,

-

מוזן אַרויסלויפֿן פֿון שטוב.

אויסעגבערן — טרוו. ־ער אויף, ~געעגבערט.
אויפֿעפֿענען דורך עגבערן. א אַ לאָך. אויך
,

פֿיג: ער עגבערט מיר אויף דעם קאָפּ.
אויסעט — קאָנווערב. דזוו אויף. די
פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרעם פֿון קאָנווערב אויף (זייער

אָפֿט אין לד, אויך אין אוקר, זעלטענער אין
פּד), אָפֿטער צוליבֿ ריטמיק, בּאַזונדערש אין
סוף זאַץ, דער לעצטער טראַף זאָל זײַן ניט
אַקצענטירט. „וואָס הייבּסטו דאָ אויפֿעט?“ „איר
נייט און נייט, און נייט ניט אויפֿעט„. „דאש
טוט ער איין טאָג אופֿט“, לט□, ג/א. „הייבּט
זיך בּושעליכע אויפֿעט פֿון געזעס, פֿון נעסט
פֿון אירן“, בּראָד, אָלדאָס גנטס. [אַרויסרייד
□ אויף.]

אויסעטעמען — ← אויפֿאָטעמען.

□

אויסעיפּושן — [...אי'פּעשן] עיפּוש אויף,
~געעיפּושט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבּן
עיפּושן, שטינקען. א, אַז דער קאָפּ זאָל
פֿאַרטשאַדעט ווערן. טרוו — 1. דזוו אויסעיפּושן,
טרוו. 2. (אויפֿ)טאָן ע□ס שלעכטס, גראָבֿ.
א, ווילדע רכילותן.

אויפֿעלטערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אויף,
זיך ~געעלטערט. מיטאַמאָל ווערן אַלט פֿאַר
דער צײַט. א, זיך פֿון צרות.

אויפֿענדיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿענדיקן. די א, פֿון אַן
אַ□בּעט.

אויסענדיקן — טרוו. ־יק אויף, ~געענדיקט.
פֿטמ. מיטאַמאָל אָדער גיך ענדיקן,
פֿאַרענדיקן. א, אַן אַרבעט.

אויסענטסערן — סרוו. ־ער אויף, ~
געענטפֿערט. פֿטמ. דזוו פֿאַרענטפֿערן, מיטן
בײַטעם: פּלוצלינג, גיך.

אויסעסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿעסן (זיך).
אויפֿעסן — טרוו. עס אויף, ~געגעסן.
1. פֿאַרענדיקן עסן (וואָס איז צוגעגרייט, וואָס
מע וויל). א, דעם צימעס, דעם טשאָלנט
אאַזוו. „זײַ ניט צו זיס, מע זאָל דיך ניט א';
זײַ ניט צו ביטער, מע זאָל דיך ניט או□
סשפּײַען“, שוו. „אַז מען עסט אויף דעם בייגל
□בלײַבט אין קעשענע די (דאָס) לאָך“, שוו.
„מיר אַז מע דערלאַנגט פֿליי ס איך אויף“,
ווש מיט ע ו ף , וואו אויף ווערט
אַרויסגערעדט 'אָף'. “א, אַ כזית און בענטשן ווי נאָו
אָ (גרויסער) סעודה“, פֿוול [בײַם קלאָגן זיך

בין אויף געגעסין ווארין זיא זיך זוימן על השלחן", נצ1, במדבר, כח/ב. ,,אַלע קרבנות וואָס די מצווה איז אויפֿצועסן זיי אין איין טאָג, מעג מען זיי עסן די גאַנצע נאַכט,,, זרעים, ו/א. ,,נעבן מײַן קליאַטשע איז ניטאָ קיין ברעקל היי, זי האָט עס אינגאַנצן אויפֿגעגעסן, ניט איבערגעלאָזט אַ בלעטל", ממוס, קליאַטשע. *א, קעסט = אָפּזײַן בײַם שווער די באַשטימטע צײַט פֿון קעסט. ,,צוגעזאָגט זעקס יאָר קעסט, און דער איידעם האָט זיי אַלע אויפֿגעגעסן,,, אמד, עוזר ציגקעס און די ציג, ווילנע 1868.

א, מיט עמעצן אַ זעקל (אַ טאָפּ, טעפּל, טון, טונכל, פֿעסל) זאַלץ = זײַן מיט עמעצן אַ לאַנגע צײַט. געוויינטלעך געניצט מיט נ י ט = ניט קענען זײַן, לעבן, אויסקומען מיט אַ מענטשן אַ לענגערע צײַט. ,,איידער מע דערקענט אַ מענטשן, מוז מען פֿריִער מיט אם אויפֿעסן אַ שעפֿל זאַלץ", שוו. ,,מיטן בעל־הבית האָט ער קיין טאָפּ זאַלץ ניט אויפֿגעגעסן" = ניט

געווען בײַ אים אַ משרת (אַ געזעל) אַ לענגערע צײַט. „ער וועט מיטן ווײַב קיין פּעסל זאַלץ ניט א',,, קמ, 46 1866, No = ער קלײַבט זיך זי אָפּגטן. א, אַ וועלט = זייער אַ סך. „ער וואָלט געקענט א, אַ וועלט, אַדאָ האָט בײַ אים מעשׂה שׂטן זיך ניט געפֿונען אַפֿילו אַ ברעקל ברויט ווי אַ כּזית,,, ממוס, מסעות. *וואָס איז דאָס, אַ שטיקל לעקעך אויפֿצוועסן? = מיינסט, ס'איז גרינג? ס'איז אַ געשמאַקע זאַו? אַ שטיקל ברויט פֿאַר אים ניט אויפֿצועסן =

▯

= עס עקלט פֿון אים (ער איז שמוציק, מאַכט מיאוסע העוויות אע). פֿפֿ: א, ווי אַ (הייסע) יאַגדע, ווי אַ בער אַ יאַגדעלע, ווי אַ צוקערלעקעכל.

2. אויפֿפֿרעסן; פֿאַרענדיקן עסן גיך און אַ סך. „אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן, פֿאַרצוקן פֿאַרצוקט געוואָרן איז יוסף“, תּי, בראשית, לז, 33. „ער האָט זי ניט געקאָנט געפֿינען און מן הסתּם האָבן אים [!] חיו▯נ רעות אויפֿגעגעסן“, נחב, 'מעשׂה מבערגער והעני'. „די ביינער זײַנען אויף עטלעכע מײַל אַרום דער שטאָט געלעגן, און די הינט האָבן

דאָס פֿלייש אויפֿגעגעסן,,, מע tה אומן. ,,משפּט
מיך פֿאַר צולאָזן אַז מענטשן־הינט זאָלן א,
אויף טויט ישׂראלס הויזגעזינד“, הל, אין
טרעבֿלינקע... א, אַן אָקס מיט די הערנער
(מיט די קאָפּיטעס); א, אַ פֿערד מיט די פּאָר
קעוועס (מיטן זאָטל) = (וועלן, קענען)
אויפֿעסן זייער אַ סך. איך (ער) וואָלט א, דעם
שור־הבר (מיט די לאַפּטשעס), א, דעם לויתן
אָן כריין = מען איז שטאָרק הונגעריק. ,,ער
עסט די שול מיטן אַלמימר אויף“, טענדלאַו,
528 = ער איז אַ גרויסער פֿרעסער. *א, אַ
לעבֿעדיקן, א, לעבֿעדיקערהייט = א) זײַן זייער
בייז אויף עמעצן; בֿ) זײַן זייער אַכזריותדיק
צו עמעצן; ג) גוט אויסזידלען, האָבֿן גרויסע
טענות. ,,דען ווען מיר איינר מיין טאָג העט
זעלין זאגין פֿון אַזו איין צער, העט איך אין
[= אים] גיויש [= געוויס] אויף געשץ“,
פּראָגבֿ, 54. *מע וועט דיך ניט א,
לעבֿעדיקערהייט (אַ לעבֿעדיקן) = דאַרפֿסט ניט מורא
האָבֿן, מע וועט דיר קיין צו פֿיל שלעכטס

אויפֿעסן

ניט טאָן. *ער איז דען אַ בער (אַ לייב, אַ
פּיפּערנאָטער, אַ חיה־רעה)? ער וועט דיך א'?
= בײַם באַרואיקן אַז עס איז ניטאָ וואָס
מורא צו האָבן פֿאַר עמעצן. *מע וועט מיך
(דיך אאַזוו) אין קאַשע (אין זויערמילך) ניט א,
= ניטאָ קיין סכּנה; מע קען באַשטיין דאָס
אייגענע שטעטל. [ס'באַקומט זיך אַ
באַזונדערער עפֿעקט, ווען אין די פֿאַרבינדונגען רעדט
זיך טאַקע וועגן עסן, בײַסן ממש, למשל:
„...זענען מיך באַפֿאַלן גאַנצע חיילות פּרײַסן,
וואַנצן, פֿליי ווי די בערן און האָבן מיך גע..
וואָלט לעבעדיקערהייט א'„ ממוס, פֿישקע].
„*אַ הונט זאָל מײַו האַרץ א, וואָלט ער משוגע
געוואָרן“ = אַזוי ביטער, פֿאַרסמט, צעווייטיקט
איז מײַן האַרץ. *א, דעם דרעק (פֿון) אונטער
זיך = זײַן זייער (משוגע) קאַרג.
3. אַרײַננעמען אין זיך (אַזוי ווי שפּײַז).
„וויבאַלד דײַנע רייד זײַנעו געפֿונען געוואָרן...
אַזוי האָב איך זיי גלײַך ווי אויפֿגעגעסן פֿאַר
גרויס גלוסטקייט“, חה, 200. „איבער ביכער
איז זי נאָר געזעסן און אַן אוצר ספֿרים
אויפֿגעגעסן“, ממוס, יודל. „ס'עסט אויף דער טאָג
די טויען פֿון בײַנאַכט„, מאָל, חשוונדיקע נעכט.
אויך וועגן מאַשינען: דער אויטאָ עסט אוי ף I

צו פֿיל בענזין (גאַזאָלין); דער אַפּאַראַט עסט
אויף אַ סך עלעקטרע. ענלעך צו דעם: דעי
האַלבֿ־צעבּראָכענער אויוון רייכערט און עסט
אויף איבּעריק האָלץ.

4. אויסבּרענגען, אויסגעבֿן צו קויפֿן (קריגן)
עסנוואַרג. פֿאַרלעבֿן. א, פֿון זיך דאָס לעצטע

□

העמד; א, פֿון זיו די (אייגענע) הויט —
דז מיט בּילדערישער גוזמא. א, די ירושה. איר:
*א, דער בּאָבֿעס ירושה. „און פּשיטא ניט א,
פֿרעמד געלט„, פּוקח עוריס נ״י, ת״ש. „זײַן
בּיסל געלט האָט ער אויפֿגעגעסן אין וועג און
בּיסלעכווײַז פֿאַרקויפֿט זײַנע חפֿצים„, ממוס,
'שם און יפֿת'. *א, עמעצן = אויך: (לעבֿן
בּײַ עמעצן און) עסן או□ף זײַן חשבון און
דערבּײַ בּדלות שטעלן. „דו בּיסט דאָך □תּמיד
נאָר אויף מיר קאַרג. אַזוי פֿיל אורחים עסן
דיו אויף...אויף דעם בּיסטו גאָרנישט קאַרג„,
יפּ. א, פֿרעמדס. „אַפּוטרופּסים...וואָס זײַנען
גאָר ניט ראוי עס צו זײַן, וואָס עסן גאָר
אויף די יתומישע געלט״, אמד, איבּז ר, אַבֿרהם
דאַנציג, בּית אַבֿרהס, ווילנע 1865.

5. פֿאַרדאַרבֿן, קאַליע מאַכן, איבּערפֿירן;

אויסעסן. „קנאה עסט אויף וויא אַגאָסטיציץ איו די גלודער,„ מס, משלי תּקע״ד, יד, 30. ['וּרקב עצמות קנאה]. „געזונט און פֿריש פֿון אויבן, אינעווייניק אָבער האָט שוין דער וואָרעם אַלץ אויפֿגעגעסן״, פּרץ, פֿאָלקסטי ולעכע געשיכטן. „די קרענק האָט זי נעבעו אויפֿגעגעסן, ווי איך זאָג אײַך — אַ צעקראָכן מלבּוש,„ פּרץ, ,עלנט,. קללות: פֿראַנצן זאָלן דיך א, = זאָלסט קריגן סיפֿיליס; ווערעם זאָלן דיו א, = גיין אין דרערד. *א, איינער דעם אַנדערן = פֿאַרקאָנקורירן. „איר זײַט זיך מפֿרנס און לעבּט איינער פֿון דעם אַנדערן, איר עסט אויף און פֿאַרדאַרבּט איינע די אַנדעוע,„ ממוס, קליאַטשע.

*א, אויף עפּעס די ציין = זײַן זייער געניט אין עפּעס ערשטיקער בּ: קאָליע מאַכן די

אויפּעסן זיך

ציין עסנדיק]. „אוי, קען איך די ווײַבּעלעך מיט זייער חן! אויפֿגעגעסן האָבּ איך שוין דערויף די ציין״, ממוס, יודל. „אויף וויבּאָרן

[= וואַלן] האָט ער די ציין אויפֿגעגעסן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „איך האָב שוין אויף אַזעלכע ספּעקולאַציעס מײַנע ציין אויפֿגעגעסן“, שע, 'יקנה“ז'. „איך האָב שוין מײַנע ציין אויפֿגעגעסן אין די קאַטאָרגעס“, הל.

6. אינגאַנצן פֿאַרצערן; אַזוי ווי אײַנשלינגען. דאָס געשעפֿט וועט א, די גאַנצע ירושה. א, דעם קאַפּיטאַל בײַ אַ ספּעקולאַציע. דער פּראָצענט עסט אויף דעם קרן = ווען עס קומט אויס צו צאָלן אַזוי פֿיל פּראָצענטגעלט אַז מע פֿאַרלירט דעם גרונט־קאַפּיטאַל. „דער פּראָצענט וועט דאָך א, דעם קרן. וואָס וועט איר אויסשפּעקולירן אַז איר וועט לענגער האַלטן?“, אר, 'פֿלאַקס'. „למען השם מײַן נאָמען ניט אָפּדרוקן, די פֿאַנאַטיקער וועלן מיך עוקר מן השורש זײַן, א'“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. אַ בייזע עין־הרע האָט אים אויפֿגעגעסן = ער איז אומגעקומען (געשטאָרבן) פֿון אַן עין־הרע. די רעדער עסן אויף דאָס געשעפֿט (פֿאַרדינסט) = די הוצאות פֿון אַרומפֿאָרן אָדער פֿירן סחורה פֿאַרשלינגען די גאַנצע הכנסה.

7. שטאַרק מצער זײַן; פֿאַרשאַפֿן ערגערניש, קרענקעניש — אין די אויסדרוקן: א, דאָס האַרץ, די גאַל, די לעבער. קנאה (

אייפֿערזוכט, ניט־פֿאַרגינערײַ אע) עסט אים אויף.
שטאַרק דער ייִן די יאָרן און א, עמעצן. א,
אַ לונג, די גאַל.
8. א, מיט די אויגן = א) באַגערן עפּעס זייער שטאַרק. א, מיט די אויגן דעם גאַנצן טיש, אַפֿילו מיט די כּלים. א אַ פֿרוי מיט
,
די אויגן. א, די גאַנצע שטאָט (מיט די פֿאָרשטעטלעך דערצו) מיט די (טרייפֿענע) אויגן; בּ) זייער ליבּ האָבּן עמעצן, זײַן באַגײַסטערט פֿון עמעצן (עס ווערט אויך דורכגעלאָזט: מיט די אויגן). „ער האָט זי האַרציק ליבּ, ער וואָלט זי אויפֿגעגעסן“, רייד. „דערזען דאָס ערשטע מאָל זיוזאַן, האָט זי אים שיִער ניט אויפֿגעגעסן“, שע, אין שטורעם. „אָט די פּשוטע ייִדן עסן אויף אַזאַ רעדנער מיט די אויגן„, רייד.
ג) מקנא זײַן, ניט פֿאַרגינען. א, דעם קאָנקורענט מיט די אויגן. א, אַלעמען, די גאַנצע שטאָט (פֿרגל פּונקט א) מיט די אויגן. ד) געבּן אַן עין־הרע. „שפּרעך איר אָפּ אַ גוט־אויג, מע האָט דאָס קינד אויפֿגעגעסן„, ש. בּערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו 1884.

אויסעסן זיך — ← דפֿוו. שטאַרק חרטה
האבֿן; נעמען זיך צום האַרצן. פֿאַרדריסן בּיז

גאָר (צו מאַכן עמפֿאַטישער ווערט נאָך
צוגעגעבֿן: אַ לעבֿעדיקן אָדער לעבֿעדיקערהייט).
אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ נאַרישקייט און דערנאָך
זיך א'. זיך א, אַ לעבֿעדיקן פֿאַרן דורכלאָזן
אַזאַ טײַערע געלעגנהייט. ‟דערמאַנט בעסער
ניט. כ'האָבֿ זיך שוין גענוג אויפֿגעגעסן...
גענוג געבֿראָכן דעם קאָפּ‟, בערג, בײַם
דניעפּער I.

-

אויסעסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿעסן (זיך) ־סעכ ן.

.

אויסעסקן זיך — [...איי'סעקן זיך] אוטוו.
עסק זיך אויף, זיך ~געעסקט. מיטאַמאָל

אָנ466

הייבן זיך שטאַרק פֿאַרנעמען מיט עפּעס. א,
זיך מיט קהילה־וואַלן.

אויסעסענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿעפֿענען.
אויסעסענען — טרוו. עפֿן אויף, ~געעפֿנט.
1. מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) מאַכן אָפֿן,

עפֿענען וואָס איז פֿאַרמאַכט; עפֿענען ביז צו
דער נייטיקער מדרגה. א, דאָס פֿענצטער
אַרײַנצולאָזן אַ ביסל פֿרישע לופֿט. א, די טיר
אינגאַנצן. „גאָט, עפֿן אויף די טויערן פֿון תּפֿילה
(פֿון רחמים פֿון גנאָד)“ — כאַראַקטעריסטיש

פֿאַר תּפֿילות און תּחינות. „ער איז אַרויף
מיט אימפּעט אויף די שטיגלעך, אַוועקגערוקט

דאָס פּרוֹכת, אויפֿגעעפֿנט דעם אָרון“, אַש, תּהילים־ייִד. *א, די אויגן = קוקן מיט אינטערעס, מיט פֿאַרוואונדערונג אָדער דערזען וואָס מע האָט פֿריִער ניט געהאַט באַמערקט. *א, דאָס מויל = אָנהייבן רעדן (טענהן, זידלען, זאָגן עפּעס חוצפּהדיקס). *א, די אויערן (מויל און אויערן, נאָז און אויערן) = א) צוהערן זיך מיט גרויס נײַגעריקייט און אויפֿמערקשאַפֿט; ב) זײַן שטאַרק פֿאַרחידושט. *א, דאָס האַרץ = אויסדערציילן וואָס עס דריקט, אָפּן אַרויסברענגען געפֿילן.

2. אויפֿברעכן, אויפֿרײַסן. א, די טיר מיט אַן אײַזן. א אַ קאַסטן מיט אַ האַק. *א אַ וואונד = א) אַראָפּרײַסן, אָפּוויקלען דעם באַנדאַזש; ב) דערמאָנען, קלאָר אַרויסהייבן אַ צרה, אַן אומגליק אע. *א, אַן אַלטע וואונד = דז ווענן אַ לאַנגאָניקער צרה (וואָס מע וויל פֿאַרגעסן). א, דעם קאָפּ = א) שטאַרק צעממיתן; ב) אויפֿקלערן, מאַכן קלוג. *א, דעם הימל (די הימלען) = א) שטאַרק בעטן צו גאָט (מיט אַ געוויין, יללה); ב) בכלל הויך שרײַען. ער גוואַלדעוועט אַזוי אַז ער עפֿנט אויף די הימלען.

3. אויפֿמישן, אויפֿבלעטערן. א, אַ בוך, אַ העפֿט. *א אַ ספֿר = אויך: (אָנהייבן) לער,
נען תּורה. *ניט א, קיין ספֿר = אויפֿהערן לערנען, זיך ניט פֿאַרנעמען מיט לערנען. „די שוויגער באַיאָכצעט אים ביַים עסן, [ווײַל] ער עפֿנט קיין ספֿר ניט אויף„, זלמן סאָבעל, זווגים, וואָרשע 1874. *א אַן אַלטן חשבון = ,
דערמאָנען אַלטע טענות, ווידער קומען מיט תּביעות. *א אַ נײַעם קאַפּיטל = בײַטן די ,

פֿירונג, די באַציאונג צו עמעצן אָנהייבן עפּעס .

נײַס.
אויפֿעפֿענען זיך — ← דפֿוו. 1. זיך אַליין אויפֿעפֿענען פֿון זיך (אָן אָנווײַז אויף דעם ,
כּוח וואָס עפֿנט אויף). "עס עפֿענען זיך אויף ביידע טירן, און דעם חתן ברענגען צו פֿירן דער רבֿ, די קרובֿים און מחותּנים", עט, לידער. „עפֿנט, טויערן, ברייט זיך אויף, עפֿנט

הויך זיך ביז אַרויף", ממוס, שלמה. 2. זיך אַנטפלעקן, זיך ווײַזן. „עס עפֿנט זיך אויף פֿאַר מײַנע אויגן אַ שטיק לאַנד, וואונדער־שיין, נאָר אַ געמעל", ממוס, קליאַטשע.

⌷

אויסעצהן — [...איי'צען] טרוו. עצה אויף, ~געעצהט. געבן אַן עצה, אַן אָנווײַז און אויפֿטאָן, זען מע זאָל דורכפֿירן. א, עמעצן [⌷טיוו] דעם ענטפֿער וואָס ער דאַרף געבן.
אויסעצהן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו אויסעצהן זיך ←. מיטאַמאָל אָנהייבן אָדער

ענ⌷
אויפּפּאָיען

דיקן האַלטן אַן עצה מיט עמעצן. א, זיך מיט אַ פֿריי⌷ עז
— אומפּ, אוטוו. עקלט אויף, האָט
— ד, מיט אַן אַדוואָקאַט.
אויסעק
~געעקלט. פּלוצלינג, מיטאַמאָל דורכגענומען ווערן פֿון אַ געפֿיל פֿון עקל. עס עקלט אויף

ן אַזאַ מיאוסקייט.

פֿו

אויסעקן זיך — אוטוו. עק זיך אויף, זיך ~געעקט. זיך שטאַרק ערגערן, זיך זאָרגן. א, זיך איבער (נאָך) עפּעס, דאָס לעבן זאָל ווערן ניט ניחא.

-

אויסערגערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿערגערן.

אויסערגערן — טרוו. ־ער אויף, ~געערגערט. פֿאַרשאַפֿן ערגערניש, צער, עגמת־נפֿש. א, ע עצן, אַז יענער זאָל ווערן רויט און טויט.

אויסערגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. באַהערשט ווערן פֿון ערגערניש, פֿון עגמת־נפֿש. א, זיך פֿון יעדער קלייניקייט. אויפֿעסן זיך לעבעדיקערהייט. גרינג זיך אויפֿצוערגערן און ווער זיך צו באַרואיקן.

ש

אויסערהייט — אַדוו. לד. ווען מען איז אויף, וואַך; אין מצבֿ פֿון זײַן אויף. ליגן א',

ניט קענען אײַנשלאָפֿן. א, הערן וואָס מע רעדט.

אויספּאָדקאָווען — טרוו. ־אָווע אויף, ~ געפּאָדקאָוועט. (שפּאַסיק) אונטערפּאָדקאָווען. אויפֿגעבן פּאָדקאָוועס; אויפֿפּוצן מיט נײַע פּאָדקאָוועס. „א, דאָס פֿערדל און אונטערפּאָדקאָווען זיך מיט אַ שנעפּסל". פּפֿ: ~פּאָ' דקעווען.

אויפֿפּאַטל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אויף, ~ געפּאַטל(י)עט. צעשויבערן די האָר, מאַכן אַרויסשטאַרצן אַ בינטל האָר. א, די האָר אויפֿן קאָפּ.

אויספּאַטשן — טרוו. פּאַטש אויף, ~ געפּאַטשט. 1. אַרויפֿפּאַטשן, אַרויפֿוואַרפֿן, אַרויפֿפֿליאַסקען. א, ליים אויף דער וואַנט, כּלומרשט פֿאַרטינקעווען. 2. מאַכן עפּעס דורך פּאַטשן. פֿון אויפֿגעגאַנגענעם טייג האָט מען זיך גענומען א, קײַלעכדיקע לעבלעך ברויט. 3. צונויפֿמישן, פּעיאָ. א, לאָקש מיט ציבעלע — נאַ דיר, קוויק זיך דערמיט.

אויספּאַטשעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפּאַטשן.

-

אויספּאַטשער — דער, ־ס. וונ נבֿ.
שלעכטער מאַליער, מוליער אע (בײַ מלאָכות וואָס
ס'איז פֿאַראַן בײַ זיי דער פּראָצעס פֿון
אויפֿלייגן, אויפֿפֿאַרבן).

-

אויספּאַטשקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געפּאַטשקעט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן פּאַטשקען.
א אַ בויגן פּאַפּיר. 2. שלעכט, גיך,
טאַנ,
דעט עפּעס אויפֿשרײַבן (אָדער אָפּטאָן שלעכט
יעדן מין אַרבעט מיט אַ פּען, פּענדזל, באַרשט).
א אַ פֿייזאַזש.
,

-

אויספּאַטשקען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אָן אָנשטרענגונג פּאַרטיק ווערן מיט אַ
שלעכטער אַרבעט. „איר מיינט טאַקע אַז איך האָב
איבער דעם געהאָרעוועט? אַזאַ ראָמאַן האָט
זיך אויפֿגעפּאַטשקעט איינס און צוויי“, רייד.

▯

אויספּאַטשקעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּאַטשקען.

▯

אויספּאָיען — טרוו. ־יע אויף, ~געפּאָיעט.

אויפֿפּאָל(י)אָסקען

אויפֿהאָדעווען (נאָר וועגן שטוב־בעלי־חיים אין
זייער זייג־פּעריאָד).
אויפֿפּאָל(י)אָסקען, ~פּאָליושקען —
← אויפֿפּליוסקען.

אויפֿפּאָליטורן ‎. טרוו. ־טור אויף, ~(גע)־
פּאָליטורט. ווידער פֿונדאָסנײַ באַארבעטן מיט
,
פּאָליטור. „וויל מען די פּאָל טור זאָל אויסזען
ווי אַ שפּיגל מוז מען דאָס האָלץ מערערע מאָל
א,“, בער.
אויפֿפּאַליען — טרוו. ־ליע אויף, ~
געפּאַליעט. סל. 1. שטאַרק אויפֿהייצן,
אויפֿברענען. א, דעם אויוון. 2. אויפֿשיסן, אַרויפֿשיסן.
אויפֿפּאָלירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפּאָלירן.
אויפֿפּאָלירן — טרוו. ־יר אויף, ~געפּאָלירט.
אויפֿפּוצן דורך פּאָלירן. א, די מעשענע קנעפּ,
זיי זאָלן גלאַנצן ווי גאָלדענע.
אויפֿפּאַלמעסן — טרוו. ־עס אויף, ~
געפּאַלמעסט. 1. עפֿענען דורך פּאַלמעסן. א, דעם
מת. 2. וואוילינגעריש, שטעכן מיט אַ
מעסער. „מיש זיך ניט, אָדער איך פּאַלמעס דיר
אויף דעם בויך“.
אויפֿסאָלסטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געפּאָלסטערט. לר. אַרײַנשטאָפּן מאָטעריאַל בײַם
טאַפּעצירן. „די קאַנאַפּע איז אײַנגעפֿאַלן, מע
ד ־.ף זי א'“.

אויספּאָמסן — טרוו. פּאָמס אויף, ~
געפּאָמסט. אויפֿפּוצן, אויפֿפּאַרבן מיט
טיפּרויטן קאָליר.

אויספּאָמפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~
געפּאָמפּעט. 1. אַרויספּאָמפּען. א, וואַסער. 2.
אויפֿבלאָזן דורך פּאָמפּען. א, די רעדלעך פֿון
וועלאָסיפּעד. 3. אויפֿבלאָזן בכלל; מאַכן
רעקלאַמע; אויף אַ גוזמאדיקן אופֿן גרויס מאַכן.
א, עמעצן, מאַכן פֿון אַ זשערעבעץ (לאָשיקל)
אַ העלפֿאַנט.
אויפֿפּאָמפּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿפּאַמפּען.

אויססאַנצערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געפּאַנצערט. אויך מיט ז י ך. באַדעקן פֿון אויבן
מיט אַ פּאַנצער.
אויפֿפּאַנקעווען — טרוו. ־ווע אויף, ~
געפּאַנקעוועט. אויך מיט ז י ך. [ווייכער נ]
אויפֿהאָדעווען און צעבאַלעווען, צעפּעשטשען.
א אַ בן־יחיד.
-

'

אויספּאַסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויספֿפּאַסן. די א, אויף די קינדער. „דער דאָקטער...האָט מיר פֿאַרזאָגט איך זאָל רואיק זײַן, און איך זאָל גוטע א, האָבן“, דובער בורשטיין, די פֿאַרשיכּעדטע קינד, ווילנע 1878.

אויפֿפּאַסטן — טרוו. פּאַסט אויף, ~געפּאַסט. פֿטמ. דזוו אויפֿפּאַסן.

אויפֿפּאַסירן (זיך) — אוטוו, דריטפּערזאָניק. פּאַסירט (זיך) אויף, (זיך) ~(גע)פּאַסירט פֿטמ.

.

פּלוצלינג געשען, זיך טרעפֿן. „עס פּאַסירט אויף בײַ אים אויך אַ גוטע מינוט, דעמאָלט זאָגט מען: אַ בער אין וואַלד איז געפּגרט“. „וואָס עס קען זיך אַלץ א, אין לעבן„..

אויפֿפּאַסן — טרוו. פּאַס אויף, ~געפּאַסט. 1. אָפּהיטן (באַדינען, דערלאַנגען דאָס

נייטיקע אע). א, אַ קראַנקן, אַ קליין קינד. „און דאָס ייִנגל אַבֿרהמטשע האָט אַזוי גוט אויפֿגעפּאַסט דעם מאַן אירן“, ווײַס, 'דאָס לעבן'. „א, זאָלסטו אַליין מיך, ביז איך הייב אָן ווידער לעבן“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. 2.

אָנגעשטרענגט אַכטונג געבּן אויף עפּעס. א, יעדע באַוועגונג. „ווי זי חנה האָט לאַנג מתפּלל געווען פֿאַר גאָט האָט עלי אויפֿגעפּאַסט איר מויל‟, תּי, שמואל א, א, 12. 3. נאָכקוקן; באַוואַכן. „געוואָרן אומרואיק, דען זיי האָבּן געמיינט, דאָס מע פּאַסט זיי דאָ אויף‟, אמד, דער קאַראַבּעלניק, ווילנע 1877. 4. אויפֿהיטן. „דאָס געלט וואָס איך גיבּ אויס אויף צדקה... [ווערט] גאַנץ גוט אויפֿגעפּאַסט, עס וועט אַ גראָשן אין ניוועץ ניט גיין‟, פלאי, המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ״ב.

אויפֿפּאַסן — אוטוו. ← דפּוו. 1. צײַטווײַליק אַכטונג געבּן. א, אויף דעם קינד, ווען די מאַמע גייט אַוועק. 2. אָפּהיטן (עס זאָל ניט קאַליע ווערן) אַן אומבּאַלעבּטע זאַך. א, אויף אַ נײַ קלייד, עס זאָל אויף דעם קיין פֿלעק ניט פֿאַלן. 3. זײַן אַן אָפּהיטער, משגיח, פֿאַרוואַלטער, אָנפֿירער. א, אויפֿן הויף, אויפֿן מאַיאָנטיק. א, א ו י ף כּשרות. 4. לייגן שטאַרק אַכט אויף עפּעס. א, אויף טהרת המשפּחה.

אויספּאַסן זיך — רעפֿל און קזוו. דער אַלטער פּאַסט זיך אויף מיטן עסן. די צוויי אַלטיטשקע

פּאַסן זיך אויף.

אויססאַסעווען — טרוו. ־ווע אויף, ~
געפּאַסעוועט. אויפֿעפּענען, אויפֿשנײַדן פּאַסנווײַז.
א, דעם בויך מיט עטלעכע מעסערשניט.

אויספּאַסעניש —, דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּאַסן (זיך).

אויססאַסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פּאַסט אויף, האָט (האַלט) די השגחה;
אויפֿזעער. „ער האָט מענטשן א'ס אויף זײַן
גוט־אײַנגעאָרדנטן גוט“, לדבֿ.

-

אויספּאַפּן — טרוו. פּאַפּ אויף, ~געפּאַפּט.
אויפֿקלעפּן, צונויפֿקלעפּן מיט פּאַפּ,
קלעפּשטאָף. א, לײַוונט אויף לעדער.
אויפֿפּאַפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
צונויפֿקלעפּן זיך. 2. ווערן ווי פּאַפּ. “די קאַשע
איז געוואָרן קאַלט און האָט זיך אויפֿגעפּאַפּט“.

אויספּאַקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפּאַקן.

אויספּאַקן — טרוו. פּאַק אויף, ~געפּאַקט.
1. צונויפֿפּאַקן פֿאַרפּאַקן; צונויפֿלייגן. א, די
,
זאַכן אין וועג אַרײַן. 2 פֿונאַנדערפּאַקן,

אַרויסנעמען פֿון דער פֿאַרפּאַקונג. א, דעם
קאָסטן, אַרויסנעמען פֿון דאָרט אַלץ. 3.
אַרויפֿפּאַקן, אַרויפֿלייגן, אַרײַנלייגן. „דעם גאַנצן טאָג
האָבן זיי...אַלץ אויפֿגעפּאַקט אויף אירע [=
זייערע] וועגן“, מעה מג, אחים, וואַרשע
1872. „אונדזערע לײַט האָבן אַלצדינג אויף
דעם שיפֿל אויפֿגעפּאַקט“, אַלטער־לעבֿ,
ראָבינזאָהן II, וואַרשע 1880.
אויפֿפּאַקן זיך — ← דפֿוו. אויך:
אויסדערציילן וועגן זיך, איבערגעבן פּרטים וועגן זיך
(וואָס מע האָט פֿריִער ניט געוואוסט). א, זיך
פֿאַר פֿרעמדע ווי פֿאַר אייגענע ברידער.

-

אויספּאַקעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּאַקן (זיך). ־קעכ ן.

-

אויפּפּאַשן

-

אויספּאָרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּאָרן (זיך). „די א, פֿון צוויי פֿאַרשיידענע ראַסעס אין מעקסיקע...“.

-

אויספּאַרטאַטשעווען — טרוו. פֿאָרמען און בּ ← אויספּאַרטאַטשעווען. א אַ שטיקל אַר, בּעט, אַז ס'זאָל קיין תּחית־המתים ניט אויפֿשטיין.

אויפֿפּאָרטאָליעווען
— טרוו. ־ליעווע א יף,
~געפּאָרטאָליעוועט. לאָקל (גראָדנע).
אויפֿקלײַבן, צונויפֿנעמען. א אַ פּאָר רובל.
,

-
אויספּאָרן — טרוו. פּאָר אויף, ~געפּאָרט.
1. צונויפֿפּאָרן; פֿאַראייניקן. א, אַ
הינקענדיקן מיט אַ בלינדן. א, שקר מיט שלימזל.
2. דורכפֿירן די באַהעפֿטונג פֿון אַן ער מיט
אַ זי. א אַן אַראַבישן אָגער מיט אַ סיבירקע.
,

אויספּאָרן זיך — קזוו. 1. צונויפֿפּאָרן זיך.
„איז ווי קען זיך דאָס א, אָפּיצער מיט מענטש
צוזאַמען?,,, ברעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע. 2. זיך צופּאַסן איינער צום צווייטן.
אָפּלעבן אינאיינעם עטלעכע יאָר ביז מע פּאָרט

זיך אויף.

□

אויספּאָרסקען — אוטוו. ־קע אויף, ~ געפּאָרסקעט. מיטאַמאָל אָנהייבן ניסן (וועגן פֿערד). דער אָגער האָט אויפֿגעפּאָרסקעט.

□

אויספּאָרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּאָרן (זיך). איר, פּעיאָ.

□

אויספּאַרען — טרוו. ־רע אויף, ~געפּאַרעט. 1. מאַכן עס זאָל גיין פּאַרע. 2. אויפֿזידן, אויפֿקאָכן. א, דעם סאַמאָוואַר. *א, די קישקע, די געדערים = עסן (טרינקען) צו הייסע שפּײַז (געטראַנקען). מיט ז י ך — פֿון זיך, אָן

□ --.

אָ□.וײַז אויף דער סיבה.

נ

אויספּאָרען — טרוו. ־רע אויף, ~געפּאָרעט. לאָקל (טשערנאָבּיל). איבערפֿירן, קאַליע מאַכן; פֿאַרטאַכלעווען; אויפֿפֿרעסן. א אַלץ וואָס מע

,

-

האָט אָנגעגרייט. א, אַלץ פֿון טעפּל, ניט איבערלאָזן קיין לעק.

אויספּאָרען זיך — אוטוו. ← דפֿוו פּאַרטיק

.

ווערן מיט אַרבעטן (וואָס דויערן לאַנג). א, זיך אַ פּאָר שעה פֿאַר ליכטבענטשן און זיצן וו— אַ פּריצטע.

,

אויספּאַרעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפּאַרען.

אויפֿפּאָרעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּאָרן (זיך). 2. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּאָרען זיך.

אויספּאָרקען — טרוו. ־קע אויף, ~ געפּאָרקעט. 1. אויפֿעפֿענען דורך פּאָרקען, דליבען, קניבלען. א, אַ לעכל. 2. פֿאַרענדיקן עפּעס ניט־פֿאַכמעניש, ווי ניט איז, צו־להכעיסדיק.

3. אויפֿרייצן, אויפֿרודערן. א, אַ מחלוקת. דער יצר האָט אים אויפֿגעפּאָרקעט.

אויפֿפּאָרקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זזוו אויפֿפּאָרען זיך (מיט בײַטעם פֿון ביטול).

2. דזוו אויפֿפֿאָרען זיך (מיט בפֿירושן ביטול).

3. אויפֿרייצן זיך. „ס'האָט זיך אויפֿגעפּאָרקעט צווישן אונדז אַ גאַנצע מלחמה: איך — דיר, דו — מיר, אַלץ אויף להכעיס“, רייד.

אויפֿפּאָרקעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּאָרקען (זיך).

אויפֿפּאַשן — ← אויספּאַשן.

אויפּפּאַשען

-

אויספּאַשען — טרוו. ־שע אויף, ~געפּאַשעט. פּאַשען אַ ביסל, אַ קורצע צײַט; צופּאַשען.

אויספּודערן —, טרוו. ־ער אויף, ~געפּודערט.

אַרויפֿשיטן פּודער; אויפֿפּוצן דורך פּודערן.
א, דאָס פּנים.
אויפֿפּוטע(נע)ן — טרוו. ־טע אויף, ~
געפּוטעט. סל. פּפֿ: ~פּוטעווען. אויפֿפּלאָנטערן.
￼
אויספּויזען — ־זע אויף, ~געפּויזעט. אוטוו
— אַרויפֿפּויזען, אַרויפֿקריכן. א, פֿון
פּאָדלאָגע אויפֿן טיש. טרוו — אויפֿבלאָזן. א אַ
,
באַלאָן.
￼
אויספּויקן — טרוו. פּויק אויף, ~געפּויקט.
1. מיטאַמאָל אָנהייבן פּויקן. א אַ מאַרש.
,
2. צונויפֿפּויקן, צונויפֿרופֿן דורך פּויקן.
3 פֿאַרשפּרייטן ווײַט אַרום אָדער מגזם זײַן
.
עפּעס. א, אַ רכילות (סקאַנדאַל) אַז די גאַנצע
שטאָט זאָל גיין כאָדאָראָם.
￼
אויפֿפּויקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿ ￼]. אויפֿפּויקן.
אויספּויקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס פּויקט אויף. די א'ין פֿון די
פּליאָטקעס.

אויספּוישן — טרוו. פּויש אויף, ~געפּוישט.
1. אויפֿשטאָפּן עס זאָל שטאַרצן. א, דעם זאַק פֿעדערן. *א, זיך = עסן און טרינקען מער ווי מע דאַרף.

אויפֿפּוסטעווען — אוטוו. ־עווע אויף, ~ געפּוסטעוועט. מיטאַמאָל ווערן פּוסט. נאָך דעם ווי די אַלטע זײַנען געשטאָרבן, האָט דאָס הויז אויפֿגעפּוסטעוועט.

אויפֿפּועלן — [...פּוי'עלן] פּועל אויף, ~ געפּועלט. פֿטמ. אויפֿטאָן דורך בעטן, ווירקן אויף עמעצן. א, אַ ל(ע)גאָטע צו גיין באָרוועס, (צו הונגערן) נאָר איין מאָל אַ טאָג.

אויפֿפּוץ — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּוצן. 2. מיטל אויפֿצופּוצן. „עקיפּאַזשן און ווײַבערשער א, פֿאַרשלינגען פֿיל געלט“, קמ, 14 1866, No. אַ פֿעדער ווי אַן א, אויף (פֿון) אַ היטעלע. 3. טייל פֿון קלייד אָדער מעבל אע וואָס ווערט אויפֿגעגעבן צוליב פּוץ; אָרנאַמענט. אָ קרעדענץ מיט אַן א'. 4. לעצטער טייל פֿון אַן אַובעט־פּראָצעס, ווען די זאַך גופֿא איז שוין

פֿאַרטיק און מע דאַרף בלויז באַצירן, רייניקן, מאַכן שײַנען. א, פֿון בלוזקע.

איוף פוץ — אַדוו פֿראַזע. (גנבֿים־שפּראַך) אויף שפּאַס, מיט אַ דריידל, אָפּצונאַרן. בימקאָ, גנבים. אויך: אוי[אַ פּוץ. „צום אָפּנאַרן קומט עס זיי גוט צו נוץ, עמעצן אַרויפֿצופֿירן א אַ פּ',,, יאַ, גענאַרטע וועלט.

,

-

אויספּוצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּוצן. די א, לכּבֿוד די געסט.

-

אויספּוצן — טרוו. פּוץ אויף, ~געפּוצט. מיט ז י ך , רעפֿל. 1. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) פּוצן; מאַכן ריין, שיין, שײַנענדיק. א, אַ דירה, אַ מלבוש אאַזוו. 2. פּוצן, רייניקן, אויסצירן פֿון אויבן, אויבנאויף. אויף גיך א, די שטובֿ, ווײַל עס קומען געסט. די קלייט־משרתים האָט מען געהאַלטן נאָר אַז זיי זאָלן א, די קלייט“, קאַלמוס, לעבעדיקער יתום,

אַדעס 1876. 3. צוגעבן (אַרויפֿנייען,
צוקלעפּן, צוקלאַפּן א) עפּעס צו אַ פֿאַרטיקער

זאַך ווי אַ באַצירונג. א, דעם בוּפֿעט מיט אַ
הירשנקאָפּ. א, אַ היטעלע מיט אַ פֿעדער.
„מלאָכה־געלט מיט א, קאָסטן מער ווי די
מאַטעריע פֿון קלייד„, ייִפֿאָל, 4 1884, No ן.
„מ מעג איר צעבּרעכן הענט און פֿיס, ווי
אַזוי זי פּוצט אויף אַ הוט“, נחמיה
לאָטרינגער, דער יודישער דלות, לעמבּערג. 4. בּכלל
דורכפֿירן לעצטן טייל פֿוו אַן אַרבּעט־פּראָצעס
כּדי דעם פּראָדוקט צו מאַכן שענער. א,
בּרעטלעך מיט זאַמדפּאַפּיר. א, אַ קופּערנעם קעסל
מיט קרײַך.
5. בּמקום־ווערבּ פֿאַר טואונגען וואָס מע
וויל זיי ניט אָנרופֿן מיטן אמתן וואָרט, למשל:
אויפֿפֿרעסן, צונויפֿגנבֿענען פֿאַרקויפֿן דאָס

געגנבֿעטע אאַ. א אַ הינדל איינער אַליין. א,

וואָס ליגט ניט אונטערן שלאָס. א, טרייפֿענע
סחורה. 6. שטאַרק שלאָגן, עס זאָל בּלײַבּן
אַ סימן. א, דעם יאַט מיט אַ לאַמטערנע אונטער
ד— אויגן.

י

אויספּוצן זיך — ← דפֿוו. אויך: ניצן
קאָסמעטישע מיטלען. א, זיך מע זאָל ניט
דערקענ□]. די יאָרן.

אויספּוצעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּוצן (זיך)
(האָט אויך אַ בײַטעם פֿון ביטו□).

אויספּוצעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערד □ער פּראָצעס פֿון אויפֿפּוצן (זיך).

י

אויספּוצער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
וו□ר עס פּוצט אויף. דער א, פֿון דער דירה.

אויספּוצעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויפֿפּוצער אָדער פֿאַרן
עצם אויפֿפּוצן. א'ע מיטלען.

□

אויספּוצערישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿפּוצעריש.

-

אויספּוצקען, ~פּוצקעניש, ~פּוצקער—
פֿטמ. איר וועגן אויפֿפּוצן, אויפֿפּוצעניש,
אויפֿפּוצער.

-

אויספּוקען — ־קע אויף, ~געפּוקעט. אוטוו —
1. אויפֿקנאַקן, אויפֿקנאַלן, אויפֿשיסן. דאָס הייסע גלאָז האָט אויפֿן רעגן אויפֿגעפּוקעט.
2. אויפֿבלײַען, אַרויסקומען פֿון קנאָספּ. לאָקל (טשערנאָבּיל). דער בּעז האָט אויפֿגעפּוקעט.
טרוו — מאַכן עס זאָל אויפֿפּלאַצן. א, דאָס גלעזל פֿון לעמפּל.

אויפֿפּור(ק)ע(נע)ן — טרוו. פּור(ק)ע אויף,

אויפֿפּט □

— [...פּאַטערן] טרוו. פּטר אויף, ~געפּור ק)עט. דזוו אויפֿפּאָרקען.

~געפּטרט. מיטאַמאָל אומבּרענגען (אין פֿאַרשטעלטע רייד). א, עמעצן, מע זאָל אים

או□ □ ז□גן מיט די פֿיס פֿאָרויס (צו דער טיר).

ן — טרוו. ־זע אויף, ~געפּיזעט.

ווע טר

(שנײַדערײַ) לאָקל (ראָדעם). אויפֿשנײַדן אַ קעשענע.

אויפֿפּײַקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געפּײַק□לט.
מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) קלאַפּן, שפּילן
,
(ווי) אויף אַ פּײַקל. א, אָ מאַרש. א, אויף אַ
שוי□.

אויפֿפּיכ(ק)ען — אוטוו. פּיכ(ק)ע אויף,
~געפּיכ(ק)עט. דזוו אויספּיכ(ק)ען, אוט□ו ←.

אויפֿפּילדערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געפּילדערט. מיטאַמאָל אָנהייבן פּילדערן, שרײַען,
ליאַרעמען. א אַז די גאַס זאָל זיך צעלייגן.
,

-

אויפֿפּירכען

אויפֿפּיל(נ)עווען — טרוו. פּיל(נ)עווע אויף,
~געפּיל(□)עוועט. אוקר. אויפֿהאָדעווען;
אויפֿה□ון, אָפּהיטן. א, פֿרעמדע קינדער ווי אייגענע.
,

אויספּימסן — טרוו. פּימס אויף, ~געפּימסט.
1. אויפֿפּוצן מיט פּימס. 2. ספּעצ. פּאָלירן
פֿעל פֿון דער רעכטער זײַט (פּאַרמעט־
מאַכערײַ).

אויספּינ — ← אויפֿפּענדזלען.
-

אויספּינ — ־טל אויף, ~געפּינטלט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פּינטלען (וועגן אויגן פּײַערלעך). טרוו — אַרויפֿשטעלן ,
פּינטעלעך. א, די צייכענונג.

אויספּינען — אוטוו. ־נע אויף, ~געפּינעט.
אוקר. אויפֿשוימען, אַרויסקומען מיט שוים.
ווערן שטאַרק אין כּעס, אָנגעצונדן. א',
באַקומ ן זייף אויף די ליפּן.
אויספּיסקעווען זיך — אוטוו. ־עווע זיך אויף, זיך ~געפּיסקעוועט. אָנהייבן רעדן אויף אַ שאַרפֿן און פּראָסטן אופֿן (בײַם אָפּענטפֿערן אָדער באַפֿעלן). א, זיך ווי אויף אַ משׂרת.
אויפֿפּיערגע(ווע)ן — טרוו. ־גע(ווע) אויף
~געפּיערגע(ווע)ט. אוקר, פּר, גאַליציע. (
ענדיקן) מאַכן עפּעס שלעכט, ניט־געראָטן. א, אַ שטיקל אַרבעט. ספּעצ שלעכט אויפֿנייען. א, פֿאַרן דאָרפֿסייִד אַ מלבוש וואָס זאָל הענגען

□ אַ□ □שעז

— טרוו. ־שטשע אויף,

י א.

אןי□פּי

~געפּיעשטשעט. אויך מיט ז י ך.

אויפֿבּאַלעווען, אויפֿצערטלען, אויפֿקעכלען. א אַ
,
קינד ס'זאָל זיך שטענדיק אָנהאַלטן אין דער מאַמעס פֿאַרטעך.

אויפֿפּיפּס(ע)ן — פּיפּס(ע) אויף, ~ געפּיפּס(ע)ט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פּיפּסן, אַרויסגעבן אָפּגעהאַקטע שטילע קלאַנגען. דאָס עופֿעלע ליגט שטיל, עס פּיפּסעט נאָר אויף פֿון צײַט צו צײַט. טרוו — שטיל עפּעס

אויסד□יקן. מע לאָזט ניט א, קיין וואָרט.

אויספּיפּקען — פֿאָרמען און בּ ← אויספּיפּקע(ווע)ן.

אויפֿפּיצלען — טרוו. ־צל אויף, ~געפּיצלט. אויפֿבּרעקלען. א, בּרויט פֿאַר די עופֿות.

אויפֿפּיצלען זיך — ← דפֿוו. אויך: ווערן קליינלעך. א, זיך און זיך לאָזן דערהרגענען

פֿ□ר אַ גראָשן.

אויספּיקן — טרוו. פּיק אויף, ~געפּיקט.

1. אויפֿעסן, פּיקנדיק מיטן שנאָבל. „און די בּושלען האָבּן אויפֿגעפּיקט און אויפֿגעגעסן די שלאַנגען בּיזן לעצטן„, ייִש, משה רבּנו (פֿון אונדזער אוצר). 2. אויפֿלעכערן מיטן שנאָבּל. א, אַ לאָך אין זאַק. 3. גיך אויפֿעסן. „די הונגעריקע קינדער וועלן עס א"". 4. אַמ. צונויפֿקלײַבּן. „קינדער פּיקט גלײַך אויף וואָס איר האָט אָנגעוואָרפֿן". 5. אַט. אונטערכאַפּן, נעמען וואָס עס לאָזט זיך. „זי וואַרפֿט אים פֿאָר אַז ער איז איינער וואָס פּיקט אויף פֿרויען אין גאַס„, פֿאָר, 1960 X.

-

אויספּיקעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפּיקן.

אויפֿפּירכען — אוטוו. ־כע אויף, ~ געפּירכעט. אויפֿהוסטן (וועגן פֿער). די פֿערד האָבּן אויפֿגעפּירכעט.

אויפפּירקען

אויספּירקען — טרוו. ־קע אויף, ~געפּירקעט.

(וועגן חזירים) אויפֿר עןn, צעוואַרפֿן. די חזירים האָבן אויפֿגעפּירקעט דעם באַרג מיסט.

אויספּישטשען — ־שטשע אויף, ~ געפּישטשעט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסברענגען קלאַנגען (וועגן פֿייגעלעך, מײַזלעך אאַ). אין ווינקל האָט אויפֿגעפּישטשעט אַ מײַזעלע. אַן עופֿעלע פּישטשעט אויף. טרוו — אויפֿזינגען פּישטשענדיק. דאָס קאַנאַריקל האָט אויפֿגעפּישטשעט זײַן לידעלע.

אויספּישן — אוסוו. ← אויספּישן. אויך: מיטאַמאָל אָנהייבן וויינען (וואול). א, מיט די אויגן.

אויספּכיקען — ־קע אויף, ~געפּכיקעט. ← אויספּכיקען.

אויפֿפּלאָד(י)ען — טרוו פֿאָרמען ←

אויס.

פלאָד(י)ען. האָבן אַ סך קינדער (וועגן

אָעליחיים; וועגן מענטשן פע אָ). אויך: ~פּ

דז ן.

אויפֿ (י)עניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אויפֿפלאָד(י)ען (זיך).

־ אָטקעוו זיר)

ל — טרוו. פֿאָרמען

אויספל ן — ← אויפֿפליאָטקעווען.

אויספּ אָנטען

← אויספלאָנטען. בּ ← אויפֿפלאָנטערן.

אויפֿפלאָנטערונג — די, ־ען. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפלאָנטערן.

אויפֿפלאָנטערן אָגטרעווען. ו.

אָפּ— טרוו. ־ער אויף, ~

געפלאָנטערט. אויך: ~פּ .

פלאָנטערן, פֿונאַנדערפלאָנטערן, אַרויספֿירן פֿון

פּלאָנטער, מאַכן גלײַך, ריכטיק. „אַ קנויל

וואָס זי איז ניט געווען בכּוח

אויפֿצופּלאָנטערן“, י. ראָטנבערג, איק, 1960, No 18.

„די

דאָזיקע נײַס האָט...קײַקלענדיק זיך ווי אַ
קנויל... לסוף זיך פֿאַרפּלאָנטערט, אַז עס
איז שווער געוועז זי אויפֿצופּלאָנטערן", ממוס,
שלמה [ממוס ניצט פּאַראַלעל פּלאָנטערן פֿון
לד און פּלאָנטען פֿון אוקר און פּד]. „ער האָט
פּונקט געהאַט אויפֿצופּלאָנטערן דעם זעלבן
ענין אין דער גמרא", אר, 'מענדלס פֿעלדער'.
„זײַן קאָפּ, געוואוינט אויפֿצופּלאָנטערן מיט
מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט אַלערליי קנופּן,
האָט זיך אַלץ באַמיט צו דערגיין אויך דאָ דעם
שׂכל", בערג, בײַט דניעפּער I. 2.
צונויפֿפּלאָנטערן, פֿאַרפּלאָנטערן, פֿאַרוויקלען,
פֿאַרדרייען.
א, איינס מיטן צווייטן, מע זאָל קיין טאָלק ניט
דערגיין.
אויפֿפּלאָנטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. פֿון זיך ווערן אָפּגעוויקלט פֿון אַ קנויל;
ווערן גלײַך, אויפֿגעקלערט. דער קנויל האָט
זיך אויפֿגעפּלאָנטערט. 2. ווערן
פֿאַרפּלאָנטערט, פֿאַרוויקלט; אַרײַנגעשלעפּט ווערן אין
עפּעס. א, זיך מיט אַ געמיינער חבֿרה.
אויפֿפּלאָנטערניש — דאָס (די), ־ן.
געדדיערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפּלאָנטערן (זיך).
אויפֿפּלאַנכע(נע)ן — אוטוו. פּלאַנכע אויף,

~געפלאַנכעט. מיטאַמאָל אָנהייבן שטאַרק וויינען, קלאָגן (בײַטעם פֿון ביטול). א, ווי עס וואָלט טאַקע געווען ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַן אומגליק.

אויפֿפלאַפלען — ־פל אויף, ~געפלאַפלט.

אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פלאָפלען. „דאָס קינד האָט שפעט אָנגעהויבן רעדן. ערשט צו

דרײַ יאָר האָט ער אויפֿגעפלאַפלט“, רייד.

טרוו — צונויפֿפלאַפלען. א, בוידעם־לאָקשציבעלע.

אויפֿפלאַפלעניש — דאָס (די), ־ן.

פראָצעס פֿון אויפֿפלאַפלען. אַן א, פֿון אַלטע סעדעכעס. אַן א, פֿון פֿרילינגדיקע שטראָמען.

אויפֿפלאַפלער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס פלאַפלט אויף. אַן א, פֿון נישט־געשטויגענע מעשׂיות.

אוי▯פלאַצונג — די, ־ען. פראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפלאַצן.

אויפֿפלאַצן — פלאַץ אויף, ~געפלאַצט.

אוטון — אויפֿרײַסן זיך; אויפֿשיסן, צעברעכן זיך. אַ געשוויר פלאַצט אויף. א, ווי אַ באָמבע.

דער אָנגעבלאָזענער באַלאָן פּלאַצט אויף. „האָט זײַן גאַנצע שיינע וועלט אויף איין מאָל אויפֿגעפּלאַצט ווי אַ גלאָז„, ווײַס I, 'דאָס לעבן'. טרוו — מאַכן עס זאָל פּלאַצן. א, די מינעס.
אויפֿפּלאַצעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפּלאַצן.
אויפֿפּלאַקירן — דזוו אויספּלאַקירן ←.
אויפֿפּלאָשטשען — טרוו. ־שטשע אויף, ~געפּלאָשטשעט. אוקר. (שנײַדערײַ) או פֿנייען מיט אַ טאָפּעלער נאָט. א, אַ זוים.
אויפֿפּלאשען

— טרו ע אויף, ~גע ־
אָכען, ~פּאָ ־
ו. ־ ל

שעט. סל. אויך: ~פּאָ
שען. 1. אויפֿשרעקן; אַרײַנברענגען אין אַ צעטומלעניש, אין אַ טרעוואָגע. א, די ייִנגלעך: 'דער רבי גייט!'. 2. אַרויסברענגען פֿון אַ רואיקן צושטאַנד (ווען בעלי־חיים). א, די הינער וואָס גראָבן זיך אין שטויב.
אויפֿפּלאָשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן

איבערגעשראָקן. פֿון דער שיסערײַ האָבן זיך די פֿערד אויפֿגעפּלאָשעט.
אויפֿפּלוטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געפּלוטעוועט. צונויפֿפּלאָנטערן ווי אַ דרייקאָפּ אָדער ניט־ערלעך. לאָזן זיך מיט שקר, א, אַבי געווינען. א אַ געשעפֿט וואָס וועט פּלאַצן.

אויפֿפּלוידערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געפּלוידערט. צונויפֿמישן פֿאַרשיידענע ענינים פּלאַפּלענדיק; אָנפּלוידערן. „די אויערן קענען שוין ניט פֿאַרטראָגן וואָס ער פּלוידערט אויף".
אויפֿפּלומפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~ געפּלומפּעט. 1. דזוו אויפֿפּאָמפּען. 2. (אונטערוועלט) אומבֿרענגען. א, אַן אויג [= שפּיאָן].
אויפֿפּל אָטקעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~געפּליאָטקעוועט. אויפֿשטעלן, אויפֿבויען אַ פּליאָטקע; אויסטראַכטן רכילות. א, אַן אינטריגע; א, ממש אַ בלוט־בלבול אויפֿן קאָנקורענט.
אויפֿפּליאָסקען — ← אויפֿפּליוסקען.
אויפֿפּליוכען — טרוו. ־כע אויף, ~ געפּליוכעט. מיטאַמאָל שטאַרק און גיך גיסן; צונויפֿגיסן, אַרויפֿגיסן. א, דאָס וואַסער אויפֿן

פלויט; א, זייפֿוואַסער מיט קוואָס. אוטוו, אומפּ
— אָנהייבן שטאַרק רעגענען.
אויפֿפּליוכען זיך —, אָטוו, קזוו. ← דפֿוו.
ווערן צונויפֿגעגאָסן מיט אַ געקלאַנג. „צוויי
פֿרילינג־ריטשקעס פּליוכען זיך אויף און לויפֿן
וויַטער מיט אַ רעש“.

אויפֿפּעלצן

אויפֿפּליוכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָ □ ער
ליוס — טרוו ־קע אויף, ~
געקען .
רעזולטאַט פֿון אויפֿפּליוכען (זיך).
אדיספּ
פּליוסקעט. 1. דזוו אויפֿפּליוכען, נאָר מיט
אַ הילכיקערן געקלאַנג. 2. אויסוואַ □ ן, פּעיאָ.
א אַ געוועש וויַסער פֿון סאַזשע. 3.
אויפּ,
קאָכן אַ שיטערן מאכל, פּעיאָ. א, אַ מאכל
פֿאַר די הינט אַרויסצוגיסן.
אויספּליוסקעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּליוסקען.
אויפֿפּליעסקען — ־קע אויף, ~

געפּליעסקעט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פּאַטשן מיט די הענט (ווי אַן אויסדרוק פֿון צופֿרידנקייט אָדער טרדיער). א, מיט די הענט אדיף אַן אומגעריכטן גאַסט. א, מיט די הענט בײַם הערן ווענן אַן אומגליקספֿאַל.

אויפֿפּליעסקעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס פֿין אויפֿפּליעסקען. 2. אַפּלאָדירונג (מיט בײַטעם פֿון ביטול).

אויפֿפּליעשטשען — טרוו. ־שטשע אויף, ~געפּליעשטשעט. סל. 1. אויפֿפּלאַפּלען, אויפֿפּלוידערן. 2. אויפֿליגנערן. א, שקרים.

אויפֿפּלעטן — טרוו. פּלעט אויף, ~געפּלעט. 1. אויפֿשפּאַלטן, אויפֿהאַקן, אויפֿברעכן. א, יענעם דעם קאָפּ מיט אַ פֿלאָקן. 2. אויפֿפּרעסן. א, אַ מאַנישקע.

אויפֿפּלעקן — טרוו. פּלעק אויף, ~געפּלעקט. אַרכ. אַנטפּלעקן, אויפֿדעקן. „דער מלאך־המות האָט...גיזאָגט: זאָלט איך ניט חס זײַן אויף דיא לײַט, וועלט איך זיא אויף פּלעקין דאָש בית השחיטה...", נצ1, ד/א [אין נצ2: „וואָלט איך זיי אַנטפּלעקט..."].

אויפֿפּלעקען — טרוו. ־קע אויף, ~ געפּלעקעט. גאַליציע. אויפֿהאָדעווען, אויפֿכאָווען. „אָרעמע טעלעצע, נעבעך...כ'וועל דיך א,

וועסטו...שפּײַזן מײַנע ברעקלעך מיט מילעך", קלמן הײַזלער, קומאַרנער פֿאַרשוינען.

אויפֿסלפּ(ו)לען — [...פּילפּלען] טרוו. ־לפּ(ו)ל אויף, ~געפּלפּ(ו)לט. אויך: ~פּילפּולן.
אויפֿבויען, אויפֿשטעלן עפּעס דורך פּ(י)לפּול.
צוויפֿפּלפּ(ו)לען (← אויספּילפּ(ו)לען). א אַ
,

גאַנצע שיטה.
אויפֿפּעדלען — טרוו. ־דל אויף, ~געפּעדלט.
אויפֿקויפֿן אָדער אויפֿטאָן פֿאַרדינען עפּעס
,
דורך פּעדלען, דורך קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן לאחדים (גייענדיק פֿון הויז צו הויז).
אוי־ פּעוונע — אַדוו פֿראַזע. < פּויל. דזוו אויף זיכער ←; גאַנץ באַשטימט, אָן אַ ספֿק.
"איצט ווייס איך א, פּ, אַז שליאָמע איז ניט
־.ן מאָשעניק,,, ייִט, טמז, 1961 II ־י 16.
אויספּעכן — טרוו. פּעך אויף, ~געפּעכט.
אויפֿשמירן מיט פּעך. א אַ טשײַקע [= שיפֿל].
,

אויספּעכנען — אוטוו. ־נע אויף, ~
געפּעכנעט. סל. מיטאַמאָל געשוואָלן ווערן. א, פֿון הונגער. קללה: א, זאָלסטו ווי אַ קלאָץ, ווי אַ באַרג.
אויפֿפּעלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּעלצן.
אויפֿפּעלצן — טרוו. פּעלץ אויף, ~געפּעלצט.
1. אַרויפֿ יגן, אונטערשלאָגן מיט פּעלץ. א, אַ פּאָדיאָווקע אויף ווינטער. 2. אָנטאָן זייער וואַרעם. אויך מיט זיך. א, די קינדער

אייאויפֿפּענדזלונג

דער מע לאָזט זיי אַרויס אין אַזאַ פֿראָסט. א, זיך ווי אַ בער.
אויפֿפּענדזלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּענדזלען.
אויפֿפּענדזלען — טרוו. ־דזל אויף, ~ געפּענדזלט. 1. אויפֿפֿאַרבן מיט אַ פּענדזל. 2. אויפֿשמירן גיך, אויבנאויפֿיק.

□

אויספענטען — טרוו. ־טע אויף, ~
געפּענטעט. אויך מיט ז י ך. 1. צונויפֿבינדן
מיט פּענטעס. א, אַן אָקס פֿאַר דער שחיטה.
א אַ סוחר מיט וועקסעלעך. 2. אַראָפּנעמען
,
די פּענטעס. א, אַ הון, לאָזן זי לויפֿן איבערן
הויף. א, זיך און ווערן אַ פֿרײַער פֿויגל.

□

אויספענטעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿפּענטען (זיך).
אויפֿפּעסטען (זיך) — דזוו אויפֿפּיעשטשען
(זיך) ←.
אויפֿפּעקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געפּעקלט.
1. דזוו אויפֿפּאַקן ←. א, די בעבעכעס, די
שמאַטעס. 2. במקום־ווערב פֿאָר אַ ריי
טואונגען. (פּעיאָ), למשל: אויפֿפּרעסן, אויפֿזויפֿן,
אַוועקפּטרן אע. א אַן אָקס מיט די קאָפּיטעס
,
(הערנער). 3. ← אויספּיקלען.
אויפֿפּעקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
זיך אָפּטראָגן, אָפּציִען. א, זיך, קיין זוואַניע
(נאָמען, געדעכעניש) זאָל ניט בלײַבן.
אויפֿפּעקלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּעקלען (זיך).

אויפֿפּערלען — ־רל אויף, ~געפּערלט. נעאָל. אוטוו אַ שײַן טאָן ווי פּערל. טרוו —

אויפֿטאָן עפּעס זייער שיין, באַחנט, פּרעציז. א אַ רעדע.

אויפֿפּראַוועז — טרוו. ־ווע אויף, ~ געפּראַוועט. אויפֿריכטן, אויסריכטן (←) ביז דער נייטיקער מדרגה. א, אַ חתונה, א, אַ בּרמצווה.

אויספּראַוועז זיך — אוטוו ← דפֿוו. ווער אויפֿגעפּראַוועט, דורכגעפֿירט. עס האָט זיך אויפֿגעפּראַוועט אַ שׂמחה, וואָס וועט זיך לאַנ ניט פֿאַרגעסן.

אויספּראַזשען — טרוו. ־זשע אויף, ~

געפּראַזשעט. 1. אויפֿבראָטן. א, קאַרטאָפֿל,
פֿיש. 2. אויפֿבריִען, אויפֿקאָכן, אויפֿוועלן. א,
אַ געקעכטס.

אויספּראַזשען זיך — ← דפֿוו. ווערן
אויפֿגעהיצט, זיך אויפֿרעגן, זיך אויפֿקאָכן (מיט
ביטול). א, זיך איבער יענעמס אַ נאַריש
וואָרט.
אויפֿפּראַטשען — ← אויספּראַטשען (וויפֿל
עס איז נייטיק).
אויפֿפּראַל — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿפּראַלן
(זיך).
אויפֿפּראַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפּראַלן (זיך).
אויפֿפּראַלן — פּראַל אויף, ~געפּראַלט.
טרוו — 1. אויפֿעפֿענען בּרייט, האַסטיק (און
מיט כּוח) פֿאַר אונדז וואָלקנס שפּאַלטן זיך,

„ .
הימלען פּראַלן די טויערן אויף„, פּרץ,
גאָלדענע קייט. „...האָט זיך געריסן דער שטורעם...
די לאָדנס זײַנען אויפֿגעפּראַלט געוואָרו“, ייִש,
איבּז בּיאַליקס 'פֿאַרן ספֿרים אַלמער,. „די ערד

-

האָט נאָך ניט אויפֿגעפּראַלט איר בויך
אײַנצושלינגען אַזוי פֿיל ייִדישע לעבנס“, יג, תּוך.
„זײַן קבֿר ווערט אָנגעצונדן □ון ווערט
אויפֿגעפּראַלט“, מוק, טמז, 2 .8 1957 II.
צעשפּיליען מיט אימפּעט. „די משרתים די
אויפֿגעפּוצטע האָבן זייערע קאָלנערס אויפֿגעפּראַלט“,
ראַבאָי, אייגענע ערד. אוטוו, אַרכ — אויפֿשטעלן
זיך מיט אימפּעט. „ער בֿיל [= איז געפֿאַלן]
צו דער ערדן...ער גלײַך ווידר וואַש אויף
פּראַלן“, בבֿא־בוך, 373.
אויפֿפּראַלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ברייט
און האַסטיק אויפֿעפֿענען זיך. „און פּלוצלינג
האָט זיך אויפֿגעפּראַלט דער טויער און דו
ביסט שטיין פֿאַר מיר געבליבן“, דא, סאָנעטן.
אויפֿפּראַלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿפּראַלן (זיך).

□

אויספּראָפּן — טרוו. פּראָפּ אויף, ~
געפּראָפּט. 1. פֿאַרמאַכן, פֿאַרשטעקן מיט אַ
קאָרעק. א, די פֿלאַש, ס'זאָל זיך ניט אויסגיסן.
2. ענג צונויפֿפּאַקן. א, אַלץ אין וואַליזקע.
3. אויפֿעפֿענען, אַרויסנעמען דעם קאָרעק. א,

אַ זעקס־און־נײַנציקער און זיך צעוווינטשעוועט. „מע האָט די פֿלאַשן אויפֿגעפּראָפּט אין אָפּשײַן פֿון די פֿלאַמען,„ ייִט, טמז, 13 1961 I.

אויספּראָפּן זיך — אוטוו. ← דפּוו.

אויפֿעפֿענען זיך (וואָס איז געווען פֿאַרשטאָפּט). „דער מעד האָט אויסגעשאָסן, די פֿלאַש האָט זיך אויפֿגעפּראָפּט, וועט מען שוין אויסטרינקען וואָס עס איז פֿאַרבליבן“.

אויפֿפּראַצעווען — טרוו. ־צעווע אויף, ~געפּראַצעוועט. אויפֿטאָן דורך פּראַצעווען, ה‌רעווען שווער. א, בידנע חיונה.

אויספּראָשען — טרוו. ־שע אויף, ~ געפּראָשעט. אויפֿשיטן (אַ פּראָשעק); אויפֿשטויבן. א, זאַמד אין די אויגן. א, צימרינג אויף די קיכלעך.

אויספּרודען — פֿאָרמען און בּ ←

אויספּרודען. אויפֿבריִען, אויפֿדאַמפֿן (וועגן אַנטלײַזן אע). א, די דריטע מכּה פֿון די מלבושים.

אויספּרײַכן — אוטוו. פּרײַך אויף, ~ געפּרײַכט. מיטאַמאָל אָנהייבן פּרײַכן, סאַפּען, ש‌ער אָטעמען. א, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז.

אויספּרײַכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿ ▯]. אויפֿפּרײַכן.
אויפֿפּריסקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געפּריסקעט. סל. אויפֿשפּריצן, אַרויפֿשפּריצן.
א, אָדעקאָלאָן אויף אַ נאָזטיכל.
אויפֿפּרעגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפּרעגלען (זיך).
אויפֿפּרעגלען — טרוו. ־גל אויף, ~
געפּרעגלט. ← אויספּרעגלען (וויפֿל מע דאַרף, בּיז
דער נייטיקער מדרגה). א, גריוון.
אויפֿפּרעגלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּרעגלען.

-

אויספּרעסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפּרעסן.

▯

אויספּרעסן — טרוו. פּרעס אויף, ~געפּרעסט.
1. צונויפֿקוועטשן, צונויפֿדריקן. א, דעם עולם
אין זאַל ווי הערינג אין אַ פֿעסל. א, היי אין
טיוקעס. „עס וועט דער לאַנגווײַל א, דײַן צער

און צונעמען דײַן ווידערשטאַנד", סעג, ,צער
און לאַנגווײַל'. 2. פּרעסן, גלאַט מאַכן בּיז

אויפֿפּאַלבּן

דער נייטיקער מאָס. א, אַן אויסגעוואַשן העמד.
פֿ אַנדערנעמען די נעט און א, דעם שטאָף.
אויספּרעסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (פֿון זיך)
ווערן צונויפֿגעפּרעסט, צונויפֿגעדריקט. די
פּאַפּירן האָבּן זיך אויפֿגעפּרעסט און מע קען
זיי גאָרניט אָפּטיילן איינס פֿון אַנדערן.
-
אויספּרעסעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפּרעסן (זיך).
אויפֿפּרעפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~
געפּרעפּלט. אויפֿזאָגן עפּעס גיך און אומקלאָר.
א, אַן אַנטשולדיקונג.
אויפֿפּרעפּלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿפּרעפּלען.
אויפֿפּשטלען — [...פּשעטלען] טרוו. פּשטל
אויף, ~געפּשטלט. אויפֿשטעלן עפּעס מיט
אַ פּשטל. דערווײַזן מיט צוגעטראַכטע
אומלאָגישע ראַיות. (←. אויספּשטלען). א, אַן

אויסטײַטשונג.
אויפֿפֿאָדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאָדערן. אַן א, צום קאָנגרעס אָנצונעמען...

־

אויססאָדערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געפֿאָדערט. 1. מאָנען, פֿאַרלאַנגען; אַרויסרופֿן (מע זאָל טאָן עפּעס, אַרויסקומען מיט עפּעס). „דעריבער פֿאָדערן מיר אײַך אויף, איר זאָלט אונדז אַרײַנשיקן די ליסטע פֿון די מתנדבֿים„, קמ, 2 .47 1864, No. בּאַפֿעלן, גוזר זײַן; געביטן; זאָגן מיטן האַרבן וואָרט. „ער האָט געפֿאָדערט אין נאָמען פֿון דער תּורה, וואָס גאָט אַליין איז מקיים, און האָט מען אים נישט אָפּגעענטפֿערט — האָט ער אויפֿגעפֿאָדערט זײַנע רבֿיים“, אַש, תּהילים־ייִד.
אויפֿפֿאָכ(ע)ן פֿאָך(־כע) אויף, ~ געפֿאָכ ־
(ע)ט (~געפֿאָכן). אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן פֿאָכ(ע)ן, מאַכן פֿלאַטערן. א מיט אַ טיכל בײַם געזעגענען זיך פֿאָנען פֿאָכן אויף אין מילדן

.

ווינט. טרוו — 1. מאַכן עס זאָל בּרענען,
זיך צעבּרענען דורך פֿאָכ(ע)ן מיט עפּעס. א,
אַ פֿײַער. א, (די קוילן אין) דעם סאַמאָוואַר
מיט אַ שטיוול. „...רייניקן אין פֿײַער אין דעם
גלוטיקן וואָס דו האָסט אויפֿגעפֿאָכעט“,
יהואָש, 'אַלטע פּסוקים — נײַ פֿאַרטײַטשט'.
2. אויפֿבּלאָזן, אויפֿהעצן. א, דעם כּעס, דעם
צאָרן. „...די פּרײַסישע רעגירונג האָט...
אויפֿגעפֿאָכט בּײַ די דײַטשן האַס אָדער אָפּשײַ צום
פֿראַנצויז,„ פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אויפֿפֿאָכ(ע)ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
פֿונאַנדערבּלאָזן, זיך צעבּרענען. ס'וועט זיך
א אַ מחלוקה, אַ קריגערײַ.

,

אויססאָכעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפֿאָכען (זיך).
אויפֿפֿאַלבּונג פֿאַלדונג — די, ־ען.
פּראָ, ~

צעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאַלבן,

אויפֿ פֿאַלדן.

אויפֿפֿאַלבן פֿאַלדן — טרוו. פֿאַלב (פֿאַלד)

~ ,

אויף, ~געפֿאַלבט (~געפֿאַלדט). אויך:

פֿאַלבעווען פֿאַלדעווען.

אויפֿ~ , ...,

קנייטשן בייגיקן מאַטעריאַל אַזוי אַז איין

פּאַס זאָל ליגן אויפֿן צווייטן. א אַ בויגן

,

פּאַפּיר. א, די הויזן, מע זאָל קענען

אַרויסלאָזן (ווען דער בחור וועט אונטערוואַקסן).

אויפֿפֿאַלבן זיך

אויפֿפֿאַלבן זיך — און די אַנדערע

פֿאָרמען, ← דפֿוו. אָן באַזונדערער באַמיאונג

ווערן מיט פֿאַלבן, פֿאַרקנייטשונגען. דאָס

קליידל פֿאַלבט זיך אויף.

אויפֿפֿאַליק — אַדי. ← אויפֿפֿאַלנדיק. נעאַל.

אויפֿפֿאַלן אוטוו, דריטפּערזאָניק. 1.

אַרויסרופֿן אויפֿמערקשאַפֿט, אינטערעס, חידוש; זיך

וואַרפֿן אין די אויגן. „אין דעם הויז פֿון זײַן

פּאָטערס פֿרײַנד האָט געוואַקסן אַ מיידל וואָס
האָט געמוזט יעדן א'“, קמ, 46 l870' No. ,,עס
פֿאַלט מיר אויף די איידלקייט פֿון איר
באַנעמען זיך“, רייד. 2. אַרויסרופֿן חשד,
פֿאַרדאַכט. ,,אונדזער הלבשה איז אָבער די
בית־מדרשניקעס אויפֿגעפֿאַלן,...האָט מען
אונדז אָנגעהויבן נאָכצוקוקן,,, צעדערבויס,
געהיימניס פֿון בערדיטשעוו, וואַרשע 1870.
,,איך האָב מורא געהאַט אַז עס וועט איר
שטאַרק א'...[דאָס] אַוועקגיין,,, ווײַס I , 'ווי
דער גורל פֿירט' 3. אַרויפֿקומען אויפֿן
זינען, אײַנפֿאַלן. ,,וואָס פֿאָלט דיר אויף אַזאַ
ווילדער געדאַנק?“, רייד. 4. (אַלע
פערזאָנען) אַרויפֿפֿאַלן; צונויפֿפֿאַלן. ביידע ליניעס
פֿאַלן אויף. א, אויף עמעצן מיט אַ גרויסן
פּיסק, מיט זידלערײַען.
אויפֿפֿאַלנדיק — אַדי. וואַס רופֿט אַרויס
אויפֿמערקשאַפֿט, אינטערעס, חידוש,
פֿאַרוואונדערונג, חשד. זײַן א'. א'ער הילוך; א'ע רייד;
א'ע טואונג. ־טשמ אויפֿפֿאַלנד. ,,דעם
קייזער איז עס אָבער זייער א, געווען“, פֿמ.
,,לאָז איך מיך הערן מיט אַ וואָרט, אַזוי אַז
דעם עולם זאָל עס א, זײַן“, ממוס, שלמה]

אויפֿפֿאַלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאַלצן.
אויפֿפֿאַלצן — טרוו פֿאַלץ אויף, ~געפֿאַלצט.

.
מיט אַ באַשטימטער סיסטעם אויפֿקנייטשן,
צונויפֿקנייטשן; אויפֿבייגן, צונויפֿבייגן (פּאַפּיר
אָדער אַן אַנדער בייגיקן מאַטעריאַל). א, די
געדרוקטע בויגנס צום אײַנבינדן. א, ווייכע
לעדער.
אויפֿפֿאַלצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קענען
זיך צונויפֿבייגן (לויט אַ באַשטימטער
סיסטעם). די לעדער האָט זיך גוט אויפֿגעפֿאַלצט.
אויפֿפֿאַלשעווען
— טרוו. ־ עוו .
אויפֿוועּ אוי , ~
געפֿאַל פֿאַל
שעוועט. אויך: ~ ט
שטעלן עפּעס מיט פֿאַלשקייט. א, באַווײַזן
פֿאַרן געריכט.
אויפֿפֿאַנגען — טרוו. פֿאַנג אויף, ~
געפֿאָנגען. אַרכ. 1. אויפֿכאַפּן, אויפֿנעמען. "איין

איטלכיש וואָרט פֿאַנגט ער אויף און הלט
דראָן“, לט1, ה/בּ. 2. נעמען אין
געפֿאַנגענשאַפֿט, תּפֿיסה. “בּיום ד'...איז מיין פֿאטר...
אויף דיא גאַס פֿון בּעלי־מלחמות אויף
גיפֿנגין וואָרדין“, בּאַלעגערניש.
אויפֿפֿאַנטאַזירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאַנטאַזירן.
אויפֿפֿאַנטאַזירן — טרוו. ־זיר אויף, ~(גע)־
פֿאַנטאַזירט. אויפֿשטעלן, אַרויסשטעלן עפּעס
אין פֿאַנטאַזיע. א אַן אידעאַלע
געזעלשאַפֿט,
לעכע אָרדענונג.
אויפֿפֿאַנירן — טרוו. ־ניר אויף, ~
געפֿאַנירט. (סטאָליערײַ) אַרויפֿקלעפּן פֿאַניר, דיקט.

א, אַ טיר, אַ וואַנט. (פֿאַרצייכנט אין
ראָדעם, פּוילן).

אויססאָנסען — טרוו. ־פֿע אויף, ~
געפֿאָנפֿעט. 1. פּלוצלינג אַרויסזאָגן אומקלאָר,
אונטער דער נאָז. א אַן ענטפֿער וואָס מע זאָל
,

אים ניט קענען פֿאַרשטיין. 2. בּמקום־ווערבֿ
פֿאַר אויפֿדרייען, אויפֿשווינדלען אע. א, עמעצן;
א, אַ בּאַנקראָט; א אַ שווינדלעריש געשעפֿטל.
,

□ □

אויססאָנסעניש — דאָס (ד□), ־ן. פּראָצעס
פּ□.—אויפֿפֿאָנפֿען.
אויססאַסונג — די, ־ען. דטשמ. בּאַנעם,
אויפֿנעם, אויפֿנעמונג. „ער דאַרף לויט דעם
פֿאַרפֿאַסערס א, סימבּאָליזירן די אַלטע וועלט“,
בּעל־מחשבֿות I. א'ס־פֿעאיק(ייִט).

□ □

אויססאַסטן — אַקוזוו. פֿאַסט או□ף, ~
געפֿאַסט. פֿאַרענדיקן פֿאַסטן; עסן גאָכן פֿאַסטן.
„נאָכן א', ווען זיי זײַנען אַרויס אויף זייערע
הויפֿן“, מעצקער, זיידנס פֿעלדער. „דאָס אייזל
וויפֿל טעג געפֿאַסט און אויפֿגעפֿאַסט נאָר מיט
פּאָלאָווע“, אשט, משלים.

▯ ▯

אויססאַסן — טרוו. פֿאַס אויף, ~געפֿאַסט.
דטשמ. אויפֿנעמען, באַנעמען, תּופֿס זײַן.
„און פֿון [ז.. ▯] דערקלערונגען האָט זי נאָר
דאָס אָפּגעלערנט, וואָס איר שׂכל האָט אויפֿ..
געפֿאַסט“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „ער האָט
די בּיבּל אויפֿגעפֿאַסט קריסטלעך, ווי
טאָלסטאָי“, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.
אויפֿפֿאַרבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאַרבן.

▯ ▯

אויססאַרבן — טרוו. פֿאַרב אויף, ~געפֿאַרבט
(~געפֿאָרבן). 1. פֿאַרבן אַ ביסל, פֿון אויבן.
א, אָפּגעבליאַקעוועטע שטעלן. א, די ליפּן.
2 פֿאַרבן ביז צו דער נייטיקער מאָס. א, צוויי
.
צימערן פֿון דער דירה.
אויפֿפֿאַרבן זיך — אוטוו. → דפֿוו.
צונויפֿגיסן זיך אין פֿאַרבן. זיך באַקומען ווי אַ
רעזולטאַט פֿון פֿאַרבן. די קליידער האָבן זיך
אויפֿגעפֿאַרבט און זעען איצט אויס ווי נײַע.

▯ ▯

אויססאַרדריסן — אוטוו, דריטפּערזאָניק.

פֿאַרדריסט אויף, ~פֿאַרדראָסן. מיטאַמאָל
אַרויסרופֿן אַ געפֿיל פֿון פֿאַרדראָס. „ס'טרעפֿט
זיך אַז אַ קלייניקייט פֿאַרדריסט אײַך אויף
מער ווי אַ וויכטיקע זאַך“, רייד.
אויפֿפֿאַרהיטן — טרוו פֿאַרהיט אויף,
.
~פֿארהיט(ן). אויך מיט ז י ך פֿטמ. דזוו
—
.
אויפֿהיטן ←, נאָר עמפֿאַטישער. א,
לעבעדיקייט ביז אין דער עלטער.
אויפֿפֿאַרוועלן זיך — אוטוו, דריטפערזאַניק.
פֿארוועלט זיך אויף, זיך ~פֿאַרוועלט. לר פֿטמ.
-
—
דזוו פֿאַרוועלן זיך, נאָר עמפֿאַטישער. „דאָס
טעלערל פֿון הימל האָט זיך אים
אויפֿפֿאַרוועלט“.
אויפֿפֿאַרזאַמלען — טרוו. ־זאַמל אויף,
~פֿאַרזאַמלט. אויך מיט ז י ך. אינגאַנצן
אַלע(מען) פֿאַרזאַמלען, צונויפֿקלײַבן,
צונויפֿנ מען פֿאַרזאַמל אויף דאָס גאַנצע פֿאָלק,
. „
און זאָלן זיי הערן וואָס איך וועל ריידן צו
זיי“.

-

אויססאַרטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאַרטיקן.

אוי פֿאַרטיקן — טרוו. ־יק אויף, ~ געפֿאַרטיקט. אינגאַנצן פֿאַרטיק מאַכן. א, אַן אַרבעט.

אויפֿפֿוילן

אויססאַרטיקן זיך — → דפֿוו. פֿאַרענדיקן טאָן די אַרבעט(ן) וואָס מע דאַרף. א, זיך מיט רוימען און קאָכן.

אויפֿפֿאַרלייטן — טרוו. פֿאַרלייט אויף, ~פֿאַרלייט. אויבנאויף (אָדער אינגאַנצן) פֿאַרלייטן. פֿאַרריכטן פֿאַרשמעלצן. פֿאַרלייט אויף דעם עמער, וועט זײַן אין וואָס צו האַלטן

וואַסער.

אויפֿפֿאָרמולירן — טרוו. ־יר אויף, ~ פֿאָרמולירט. ווידער, פֿונדאָסניַי פֿאָרמולירן; געפֿינען בעסערע, פּאַסיקערע פֿאָרמולירונג; איבערפֿאָ□מולירן.

□ □

אויססאָרמעווען —. טרןו. ־עווע אויף, ~ געפֿאָרמעוועט. אויפֿשטעלן אין אַ קאָנקרעטער, פֿיזישער פֿאָרעם; געשטאַלטיקן. פֿונדאָסנײַ, ווידער אויספֿאָרמירן. א, אַ מאָדעל פֿון אַ שיף, אַן עראָפּלאַן.

- □

אויססאָרן — אומוו. פֿאָר אויף, בין ~געפֿאָרן.

1. פּר אאַ וואו מע טרעפֿט זעלטן דעם קאָנווערב אַרויפֿ־, אַרויפֿפֿאָרן, פֿאָרן אויף עפּעס. א, אויף אַ באַרג. 2. אַרכ. אויפֿכאַפּן זיך, אויפֿשפּרינגען פֿון געלעגער. „דיא גאַנץ נאַכט טעט זיא ניא קיין שלוף. און, צו מורגנש ב̄□-- זי אויף גר גישווינדן,„ בבֿא־בוך, 482.

ו

אויססאָרן זיך — אוטוו, קזוו. פֿאָרן זיך אויף, זײַנען זיך ~געפֿאָרן [געוויינלעך מצ]. פֿאָרן פֿון פֿאַרשיידענע ערטער און בלייַבן אַ

געוויסע צײַט צוזאַמען אויף איין אָרט. „די דעלעגאַטן זײַנען פֿון אַלע עקן לאַנד זיך אויפֿג רן צום קאָנגרעס„.
פֿ
אויססאָרעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿ]ד—אויפֿפֿאָרן זיך.
אויססאַרצן — ← אויספֿאַרצן.
אויפֿפֿאַרקנעפּלען — טרוו. ־ ל או ף, ~פֿארקנעפּלט פֿאַרקנעפּלען, פֿאַרשפּיליען
—
.
(פֿון אויבן). „פֿאַרקנעפּל אויף דעם פּאַלטן, זאָלסט זיך ניט צוקילן“. „העלף מיר א, די אייבערשטע קנעפּ“, רייד.

אויססאַרקעמען — טרוו. ־קעם אויף, ~ פֿאַרקעמט פֿאַרקעמען אויף אויבן. א, די האָר
.
אין אַ גאַנצן טורעם.

אויססאַרריכטן — טרוו. ־ריכט אויף, ~
פֿאַרריכט (אויך: ~פֿאַרראָכטן). דזוו
אויספֿאַרריכטן ←.

□ □

אויססאָרשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿאָרשן.

□ □

אויססאָרשן — מרוו פֿאָרש אויף, ~
געֿ.
פֿאָרשט. ← אויספֿאָרשן. א, דאָס וואָס איז
נייטיק צום ענין.

□ □

אויססאַרשרײַבן — טרוו. ־שרײַב אויף,
~פֿארשריבן פֿטמ. דזוו פֿאַרשרײַבן,
אויס— .
שרײַבן, אויספֿאַרשרײַבן. „איך וועל עס ניט
פֿאַרגעסן, איך וועל עס מיר א, אויפֿן

האַרצן“, רייד.

אויפֿפּוטערן, פּוטרעווען — טרוו. ־ער,

□ ,

־רעווע אויף; ~געפּוטערט, ~געפּוטרעוועט.

אַרויפֿלייגן פּוטער; לייגן אונטערשלאַק. א אַ

,

מאַרינאַרקע. א, די כאָלעוועס פֿון די שטיוול.

אויפֿפּוילן — אוטוו. פּויל אויף, ~געפּוילט.

אָנהייבן (אָדער אַ ביסל) פּוילן. די קאַרטאָפֿל פּוילן שוין אויף אין נאַסן קעלער.

אויפֿפּוילן זיך

אויפֿפּוילן זיך — אוטוו. ← דפּוו.

מיטאַמאָל, ווידער אָדער אַ ביסל זיך פּוילן; זיך אונטערפּוילן. „ער איז בכלל ניט קיין פּוילער, נאָר היינט האָט ער אַזאַ מאַנקאָליע און פּוילט זיך אויף“.

אויססונדעווען — טרוו. פֿאָרמען אוו ב

□ ־־ □ ויספּונדעווען.

אויססורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּורעמען (זיך).

□

אויפֿסורעמען — טרוו. ־עם אויף, ~
געפֿורעמט. 1. אויפֿשטעלן אַ (אָדער אין אַ) פֿורעם. א, סטאַטועטקעס וואָס אַלע זאָלן זײַן גלײַך. 2. אויספֿורעמען, בבֿ 2־—.5 (מיטן בײַבאַטײַט: ביז צו דער נייטיקער מאָס, מדרגה).

אויפֿפֿורעמען זיך — ← דפֿוו. קריגן אַ פֿורעם (געשטאַלט, סיסטעם, כאַראַקטער). „ער האָט זיך אויפֿגעפֿורעמט און אויפֿגעטורעמט און געוואָרן אונדזער פֿירער“, רייד. „פֿון אַ קליינער גרופּע אידעאַליסטן האָט זיך אויפֿגעפֿ— ￼ מט אַ גרויסע באַוועגונג“.
וך

אויססיבערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿיבערן.

אויפֿפֿיבערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געפֿיבערט. 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן פֿיבערן, ציטערן פֿאַרקילן זיך און א,. א, פֿון
.
קעלט. 2. אויפֿציטערן פֿון אַ טיף געפֿיל; אויפֿברויזן, אויפֿהיצן זיך. „אויף חוהס פּנים האָט...עס אויפֿגעפֿיבערט מיט בטחון“, הר, אָדמס קינדער. „האָט אונדזער הויז צוזאַמען מיטן שטעטל אויפֿגעפֿיבערט„, י. יאַנאַסאָוויטש,

אַ שטנקבֿ אין שטעטל.
אויפֿפֿידלען — טרוו. ־דל אויף, ~געפֿידלט.
1. אויפֿשפּילן אויף אַ פֿידל; בכלל
אויפֿשפּילן. (אָפּט איר). 2. במקום־ווערבֿ פֿאַר
אויפֿטאָן, אויפֿטומלען, אויפֿריִען אאַ. א, אַזאַ
סומאַטאָכע אַז מע זאָל זיך דאַרפֿן שעמען פֿאַר
לײַטן.
אויספֿידלען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
צונויפֿשפּילן זיך, צונויפֿריידן זיך, דורכקומען
צווישן זיך (אין ניט־ערלעכע, אוממאָראַלישע
ענינים). „זלאָדי און גנבֿ האָבן זיך
אויפֿגעפֿידלט“. סקאָמפּאַנייען זיך, א, זיך מיט
ווײַסעחבֿרהניקעס.
אויפֿפֿיטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געפֿיטערט. אויפֿהאָדעווען, אויפֿקאָרמען,
אויפֿציִען. א, אַ טעלעצע.
אויפֿ□יטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. (
געוויינטלעך וועגן בעלי־חיים) אויפֿוואַקסן, ווערן
גרויס. „דער לאָשיקל האָט זיך
אויפֿגעפֿיסערט און געוואָרן אָ פּאָלנער פֿערד„.
אויפֿפֿײַכטן — טרוו. פֿײַכט אויף, ~געפֿײַכט.
אַ ביסל אויפֿנעצן. א, דאָס וועש פֿאַרן פּרעסן.
אויפֿפֿיילן — טרוו. פֿײַל אויף, ~געפֿײַלט.

1. אויפֿעפֿענען דורך פֿײַלן. א, אָ שלאָס. א,
אַ פֿאַרמאַכט קעסטל. 2. פֿײַלן בּיז דער
נייטיקער מאָס. א, די שטיקלעך אײַזן און זיי
אַרײַנקלאַפּן.

אויפֿפֿײַנען — טרוו. פֿײַז אויף, ~געפֿײַנט.

פֿײַנערן. אָ בּיסל אויספֿײַנערן; מאָכו
אויו: ~ —
פֿון דרויסן פֿײַן. א, אַ שטיקל אָרבּעט. א,
עמעצן, אים אָפּלערנען פֿון ווילדע שטיק.

□ □

אויסססײַנערן זיך — ← דפֿוו. אויך: מאַכן
אַן אָנשטעל פֿון פֿײַנקייט. א, זיך פֿאַר דער
שטאָט מיט שיינע נדבֿות.

□ □

אויסססײַערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿײַערן.

□ □

אויסססײַערן — טרוו. ־ער אויף, ~געפֿײַערט.
1. אַרויפֿשיסן. א, קוילן. 2. מאַכן אַז
עמעצער זאָל ווערן זייער אויפֿגעקאָכט, צעהיצט.

א, דעם כּעסן, ער זאָל ווערן מלא גזלן.
3. בּרענען, היצן אויף אַ פֿײַער. „אָנוואַרעמען
איז ניט גענוג, מע דאַרף עס א', ווען מען
קענען עפֿענען". 4. דורכפֿירן אַ יום־טובֿ, אַ
פֿײַערונג לכּבֿוד עפּעס אָדער עמעצן. א, דעם
יובֿל.

אויפֿפּײפֿן — טרוו. פֿײַף אויף, ~געפֿײַפֿט.

.

אויפֿשפּילן אויף אַ פֿײַפֿל אָדער
אַרויסבּרענגען אַ מעלאָדיע פֿײַפֿנדיק מיט די ליפּן. א, אַ
ניגונדל. אויך: צונויפֿרופֿן דורך פֿײַפֿן.

אויפֿפֿילטרירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־
פֿילטרירט. מיטאַמאָל דורכלאָזן דורך אַ
פֿילטער. א אַ פֿליסיקייט. מיט ז י ך =
דורכ,
גיין דורך אַ פֿילטער.

אויפֿפֿינקלען — ־קל אויף, ~געפֿינקלט.
אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן פֿינקלען,
גלאַנצן, בּליאַסקען. „זײַן לאַנגע שוואַרצע
בּאָרד, די נאָך שוואַרצערע אויגן האָבּן
אויפֿגעפֿינקלט ווי בּײַ אַ גזלן„, אָפּאָ, טענצערין.
טרוו — מאַכן עס זאָל פֿינקלען. א אָ גראָשן,
,
ער זאָל בּרענען ווי אַ רײַניש.

אויפֿפּיצקען — טרוו. ־קע אויף, ~געפּיצקעט. (אַ ביסל) שמײַסן, פּאַטשן (מיט דער האַנט אָדער אַ ריטל). א, אַ קינד אויף דעם הינטן. א, די באַקן אאַ.

אויפֿפּיקסן — טרוו. פּיקס אויף, ~געפּיקסט. אַמ. אינגאַנצן צו רעכט מאַכן, פֿאַרריכטן; רעמאָנטירן. א, דעם ראַדיאָ, די טעלעוויזיע. א, אַן אַלט הויז.

אויפֿפּיר — דער, ־ן. אויפֿפּירונג. אופֿן פֿון אויפֿפּירו זיך. „די ייִדישע אויסגעטײלטקייט איז נישט קיין פֿראַגע פֿון...א, פֿון ייִדן“, מוו, ייִבל, XXXI 270. א,־כּ ל ל. „אָפּילו די 'אָביעקטיווע, א'־כּללים האָבן זיך אויך אַ וואַקל געטאָן“, מוו, וועג צו אונדזער יוגנט. „דײַן א, מיט די פּאַטראָנעסע...איז טאַקע ריכטיק“, בנימין־זאבֿ ראַבינאָוויטש, דישפּוט פֿון אַ שילער מיט אַ קלויזניק, ווילנע 1877.

אויפֿפּירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿרן אויפֿפּירן (זיך), ספּעצ: 1. הת. נהגות, הנהגה, שטייגער; דרך, שטענדיקער אופֿן פֿון פֿירן זיך. „[יוסף] באַקומט חן בײַ דעם שׂר בית־הסוהר, ווײַל ער האָט געזען זײַן גוטע א, און זײַן גוט האַרץ„, פּאַוויר גדולת יוסף. „דאָס שיינקייט אירס איז באַשטאַ ן

אין מעשׂים־טובֿים — אין איר גוטסקייט,
שטילקייט און ערלעכער א'", ממוס, ספֿר
חבֿהמות. "תּורה איז אַ...װעגװײַזער דעם
מענטשן װי אָזוי צו שטעלן זײַן לעבֿן און
זײַנע א'ען אין אַלע מענטשלעכע ענינים",
לדבֿ, 9. 2. צײַטװײַליקער, צופֿעליקער אופֿן
פֿון פֿירן זיך. די הײַנטיקע א, אין קלאָס.
"דאָס באַגיין זיך פֿונעם קאָנדוקטאָר מיט די
פּאַסאָזשירן, די א, פֿין די פּאָסאַזשירן...האָכֿן

אויפֿפֿירן זיך

מיר געגעבֿן צו פֿאַרשטיין...,,, ממוס, 'שם און
יפֿת'. "דאָס קעלבל האָט מען אָפּגעשיקט צו
דער מוטער מיט שטעכװערטלעך פֿאַר איר
שלעכטער א'", ממוס, מסעות. 3.
פֿאָרשטעלונג, די גאַנצע אַרבֿעט אַרום אַ פֿאָרשטעלונג;
ספּעקטאַקל. אַ נײַע א, פֿון אַן אַלטער פּיעסע.
"סטודענטן...זענען געװען...בראָװאָ־פּאַטשערס,
װען אַן א, איז זיי געפֿעלן", מוק, באַגעגענישן.

אויססירן — טרוו. פֿיר אויף, ~געפֿירט.

1. (פּר אאַ וואו מע ניצט זן דעם קאָנווערבּ
אַרויפֿ־) אַרויפֿפֿירן. א, פֿאַר דער האַנט אויף
אַ באַרג. א, אויף אַ גליטש. 2. צונויפֿפֿירן,
צונויפֿבּרענגען אינאײנעם. א, חתן־כּלה צו
(אויף) אַ זעעניש. א, די מחותּנים פֿון בּיידע
צדדים. "אַ טריט צו די וואָס האָבּן אויפֿגעפֿירט
די אַרבּעטער־בּרידער פֿון עטלעכע נאַציעס אויף
צו שלאָגן זיך,,, בּרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע. 3. דורכפֿירן, אויספֿירן. א, אַ
שידוך, אַ מעקלערײַ, אַ געשעפֿטל. ,,איך האָבּ
ש□ין אויפֿן מוח עטלעכע נײַע שידוכים וועלכע
מיר וועלן געוויס א'", מסדר אגרת, תּקפּ"ה.
4. געבּן אַ פֿאָרשטעלונג, שטעלן אַ
ספּעקטאַקל. א אַן אָפּערע, אָ דראַמע, אַ
קינדער,
פֿאָרשטעלונג אע. ,,בּכדי זיי זאָלן זינגען
גלײַך, האָט ער געהייסן...זיי זאָלן שטיין אין
דער הייך אַרן א, צוזאַמען מיט די זינגער,,,
לדבּ. 5. אוטוו, אַנשטאָט (אויפֿ)פֿירן זיך. (?)
,,דער רבּי האָט שוין אָנגעהויבּן אויפֿצופֿירן
מיט גוטע מאכלים, מיט קאַוועס, מיט
משקא□ת,,, 'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ□.
אויפֿפֿירן זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. זיו
נוהג זײַן, אַרויסווײַזן (גוטע, שלעכטע) מידות;

האָבן אַ שטענדיקן אופֿן לעבֿן (אין ענינים וואָס האָבן אַ שײַכות צו מאָראַל). א, זיך גוט, פֿײַן, איידל; א, זיך גראָבֿ, שלעכט. א, זיך ווי אַ פֿרומער ייִד, אויפֿן ייִדישן שטייגער, ייִדישלעך. א, זיך ווי אַ גראָבֿער יונג, אַן עם־האַרץ אַאַזוו. „דער חזן, תּוקע מוזן זיו בּקדושה ובֿיראה דרײַ טאָג [פֿאַר ראָש־השנה] א'“, שה II. „ווען מע ליגט...מיט די פֿיס צו דער טיר, ווערט מען ערשט רעכט דעם אמת ג□ך וואויר, ווי דער מענטש האָט זיך אויפֿגעפֿירט פֿריִער“, עט, לידער. „די בּאַשרײַבּונג פֿון אַלע גוטע און שלעכטע מידות און ווי אָזוי דער ייִד זאָל זיך תּמיד א'„, חא, בּ/ב. „א□ו האָט גאָט געזעץ, משפּטים געגעבֿן ווי ז□ו אויפֿצופֿירן און ווי צו לעבֿן„, ממוס, שירה.

2. אַרויסוויַזן מאַנירן, אָפּהיטן עטיקעט. א, זיו ווי אין קיניגלעכן הויף, ווי צווישן פֿײַנע מענטשן אאָ. א, זיך ווי אין אַ קרעטשמע, אין אַ שענק. א, זיך ווי אַ גאַסניונג, בּאָדיונג, יונגאַטש. א, זיך ווי אַ שנאָרער (אויף אַ חתונה). א, ווי אַ גראָבֿיאַן, ווי אַן (אומבּתרבּותער) חזיר. „ט־א היפּשה, ריינה קליידר טראָגן...או□ו זאָגן לייט אויף דיר: ער פֿירט זיך אזוֹא היפּש

אויף אלז וויא ער דער גרעשטער עושר
וועהר“, עיוו, 1/25. „לויט זיי זאָגן, פֿירט
זי זיך אויף עפּעס זייער וו□לד, איר גאַנצער
היליך איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן“, ממוס,
קליאַסשע. „אַלע מעלות זענען פֿאַראייניקט
אין [צדיק]...ניט נאָר בלויז זײַז תּורה לער.
נען, זײַנע מידות טובֿות, נאָר זײַן גאַנץ

□ □

אויפפירעכ□ן

א, זיך“, אַש, תּהילים־ייִר.

3. האַנ□לען; באַהאַנדלען; זיך באַגיין מיט
עמעצן; האָבן געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען.
א, זיך (אומ)ערלעך אין מס□Iר. א, זיך גוט
(שלעכט) מיט ב□ □אָנטע. א, זיך ווי אַ
קאַנדידאַט. „[דיך] האָבן אַלע מוכרי־ספֿוים און
פּאַקנטרעגער אַרIמגעשלעפּט, אויף וואָס פֿאַר
אַן אַרט מע האָט זיך מיט דיר אויפֿגעפֿירט!“,
ליאָגדאָר, נײַער בש, 1844. „זיי פֿירן זיך אָבער
אויף גאַנץ אָרנטלעך, זײַנען...מפֿרנס ווײַב
און קינדער“, ממוס, קליאַסשע.

אויססירע□ץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויפֿפֿיר; א□יפֿפֿירונג. (אויך איר). ,,זייער א, מיט זייערע ליגנס...“, נאָר איין טאָג אמת, אַדעס l887. ,,...מיט גרויס פֿאַרגעניגן נאָכגעק□קט דאָס א, פֿון די אײַנווא ינער“, רעוויlאָווסקי, איטשע פֿ□ ן קינצק, היסטאָריע — דער אויסגעוואָרפֿענער מאַטראָז, וואַרשע 1874. ־רעניש.
אויס□יר□ר — ווער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿירט אויף אַ פֿאָרשטעלונג.
אויססישן — טרוו. פֿיש אויף, ~געפֿישט. 1. כאַפּן פֿיש (וויפֿל ס'איז נייטיק). א, אַלע העכט און איבערלאָזן די פּלאָטקעס. 2. אויפֿכאַפּן; דערטאַפּן, אַרויסקריגן (מיט שוועריקייטן אָדער ד□רך אַ שפּיצל). א, אַן איבעריקע פּאָרציע ברויט. א, אַ ידיעה.
אדיססלאַטער — דער, ־ס. אַקט פֿון אויפֿפֿלאַטערן. אַן א, פֿון פֿליגלען.
אוי□ □לאַטערן — ־ער אויף, ~געפֿלאַטערט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אַרויפֿפֿליִען (ניט הויך). ,,דאָס א, פֿון פֿייגל אין וואַלד יאָגט אונדז וואָס אַמאָל וויניקער נאָד“, פּרץ, 'דאָס וואַסערל,. 2. אויפֿציטערן (אוו אַ הייב טאָן זיך אָדער אַ פֿלי טאָן פֿון אָרט). א, פֿון

שרעק. 3. זיך באַווײַזן אויף אַ קורצער רגע, אַ שוועב טאָן פֿאַר די אויגן. „אַ ווײַסע, דורכזיכטיקע האַנט האָט אויפֿגעפּלאַטערט, זיך געשלאָגן על־חטא", אָפּאַ, טענצערין. טרוו — מאַכן עס זאָל פּלאַטערן. דער ווינט פּלאַטערט אויף די פֿאָנען. „איך האָב מײַן זײַדן העמדל אויפֿגעפּלאַטערט אויף אַ פֿאָן„, מאָל, אין לאַנד פֿון מײַן געבײן.

אויפֿפּלאַטערניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפּלאַטערן.

אויפֿפּלאַם — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּלאַמען. אויפֿבליץ, אויפֿרײַס, אויפֿברויז. „אָ, היט דעם א, פֿון דער יוגנט, פֿאַר וויסטע נעכט און טעג", אַל II, 'ליד פֿון די שניטערס'. „צי די עבֿירה פֿון 'לא תּרצח, ווערט באַגאַנגען אין א, פֿון אומגעזעצלעכן כּעס אָדער אין קאַלטן ישובֿ־הדעת פֿון געזעצלעכקייט...„, ש. ביקל, טמז, 19 1954 III.

אויפֿפּלאַמבאַרקייט — די (דאָס), ־ן. דטשמ, נר. (ווּב, שקליאַר און ראָכקינד) ← אויפֿפּלאַמיקייט.

אויפֿפּלאַמיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען, האָט די פֿעאיקייט אויפֿצופּלאַמען. א'ע מאַטעריאַלן. א'ער כאַראַקטער. „און א, אַזוי איז איר

עקסטאַז געווען, אַז אַלע האָבן אים פֿאַר זיך
דערזען,,, אַל III, ,מרים המגדלית'.
אויפֿפֿלאַמיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿפֿלאַמיק.

אויססלאַמלעך — אַדי. דזוו אויפֿפֿלאַמיק.
־ק□ □ס ← א□ יפֿפֿלאַמיקייט.
אוי□ □לאַ□ען — פ□אַם אויף, ~געפֿלאַמט.
אוטוו — 1. מיטאַמאָל, פלוצלינג (ווידער, פ□
נדאָסנײַ) אָנהייבן פ□אַמען. דאָס פֿײַער פֿלאַמט
ווי□ער אויף. "אין דער זעלבער רגע האָט מיר
איבערן קאָפּ אויפֿגעפֿלאַמט אַ שטערן", פּרץ,
□ לקסטימלעכע געשיכטן פֿלאַמט אַ ליכט
פֿאָ . ,,
אויף אַ קליינס און צעשפּרייט אַ געלן שײַן",
דא, געזאַמלטע שריפֿטן 2 .I. ווערן רויט,
פֿלאַמיק. דאָס פּנים פֿלאַמט אויף פֿון בושה.
,,דער עולם איז דערפֿרישט געוואָרן, די פּנימער
האָבן אויפֿגעפֿלאַמט", ווײַס, אַ שטעטל.
□. אַרײַנקומען אין גרויס התפּעלות,
באַהערשט ווערן פֿ□ ן אַ שטאַרק געפֿיל. ,,
אויפֿגעפ□אַמט ווערט דאָס טעאַטער,, [= דער עולם

אין טעאַטער], פּרץ, חסידיש. „עס האָט אין
אים א▯יפֿג▯פּ▯אַמט דער צאָרן„, אפֿא,

פֿלע. געטראַכט
מיט עבדי־טײַטש. טרוו — אויך: ~
מען. מאַכן עס זאָל פֿלאַמען. א, אַ פֿײַער.
„וואו דיא ק▯לין בּרענין דרף מן דען שמיד
ניט צו רופֿן אלז ער זאָל זיא אויף פֿלעמן“,
עיון, 2/17. „אַ שלײַדער אָן דער ערד דעם
צודעק...און אויפֿגעפֿלאַמט דאָס רויטע פֿײַער
פֿ▯ן די אויגן“, הל, אין קיינעמם לאַנד.

אויס▯לאַנצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿ▯ן אויפֿפֿלאַנצן.

אויססלאַנצן — טרוו. פֿלאַנץ אויף, ~
געפֿלאַנצט. ווידער פֿאַרפֿלאַנצן. א, בּיימער וואו
מע האָט אויסגעהאַקט דעם וואַלד.
-

אויססלאַסטערונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿלאַסטערן.

אויס▯לאַסטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געפֿלאַסטערט. 1. אַרויפֿלייגן, אַרויפֿקלעפּן אַ
פֿלאַסטער. א, אַ געשוויר, אַ וואונד. 2.
אויפֿבּרוקירן. א, די גאַס, דעם וועג.

אויפֿפּלאַקער — דער. מצ נבֿ. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפּלאַקערן. 2. אויפֿפּלאַם, אויפֿשוואונג. „די וועלט האָט ניט פֿאַרלוירן קיין וואָרט וועגן דעם א, פֿון אומפֿאַרגעסלעכער גבֿורה און קידוש־השם„ [פֿון די העלדישע וואַרשעווער געטאָ־קעמפֿער], יג, טמז, 195.

אויפֿפּלאַקערן — ־ער אויף, ~געפּלאַקערט. אוטוו — 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג (ווידער, פֿונדאָסניי) אָנהייבן ברענען מיט אַ העל פֿײַער. דאָס האָלץ פֿלאַקערט אויף. אויפֿגעפֿלאַקערט האָט דאָס פֿײַער און דער רויד־קרײַז האָט צעוויגט זיו„, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. „אין זײַנע פֿינקלדיקע ביר־אויגן...האָט טײלמאָל אַ פֿלאַם־פֿײַערל אויפֿגעפֿלאַקערט", אַש, תּהילים־ייִד. 2. ווערן רויט, צונטער. אַ פּנים קען א, פֿון בושה, פֿון צאָרן. 3. אָנצינדן זיך אַזוי ווי פֿײַער; אַרײַנקומען אין צושטאַנד פֿון גרויס התלהבֿות, פֿון גײַסטיקן אויפֿשוואונג; פֿון טיפֿער איבערלעבונג. דער קאַמף פֿלאַקערט אויף. „אויפֿגעפֿלאַקערט האָט די לעצטע שחיטה־שעה", הר, אונטער גאָטס הימלען. „עס האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אין אים אַ וואונד, גלײַך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס

געטאָן,,, פּרץ, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. ,,צו
אַלע צײַטן האָט אויפֿגעפֿלאַקערט בײַ אונדז

אויפֿפֿליסן זיך

דער צאָרן קעגן די וואָס האָבן אונדז
געפּײַניקט'', בעל־מחשבֿות II.
טרוו — מאַכן עס זאָל ברענען העל;
אָנצינדן (אויפֿוועקן) אַ טיף געפֿיל; אויפֿברויזן;
אַקטיוויזירן. א, דעם צאָרן. א, די וואַל־
קאַמפּאַניע מיט היציקע רעדעס. ,,...דעם
קריגסברען דעם פֿאַרשוואונדענעם אויפֿצופֿלאַקערן
אין האַרץ פֿון פֿאָלק צוריק'', אַל III, 'יהודה
המכבים טויט'. ,,דער קערן פֿון דער אידייע
האָט איצטער אויפֿגעפֿלאַקערט די
ציוניסטישע געמיטער'', אפֿא, געטראַכט מיט
עבֿריטײַטש.
אויפֿפֿלי — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿפֿליִען.
אויפֿשטײַג, אויפֿשוואונג. א, פֿון נבֿיאישן
וואָרט.
אויספֿליאַסקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געפֿליאַסקעט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן פֿליאַסקען,
פּאַטשן. א, עמעצן אַז ס'זאָל אָזש קלינגען.

2. אויפֿשמירן. פּעיאָ, אויפֿפֿאַרבן, אויפֿמאָלן.
א, פֿלעקן, א אַ וואַנט מיט אַ מיתה־
משונה,
קאָליר.
אויפֿפֿליגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויף,
זיך ~געפֿליגלט. נעאָל. אויפֿשטײַגן,
אויפֿהייבן זיך אין דער הייך (ווי) אויף פֿליגל. „אַ
שווינדל געטאָן האָט אַ געצעלט, נאָך אים זיך
אויפֿגעפֿליגלט איינער נאָך איינעם„, פּמ,
מל꙰ומה.
אויפֿפֿליטערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געפֿליטערט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן פֿליטערן,
שעמערירן, בלינצלען. אַ שטערן האָט
אויפֿגעפֿליטערט אין דער פֿינצטערניש. 2. דזוו
אויפֿפֿלאַטערן, ווענן אינזעקטן. דאָס
זומערפֿייגעלע פֿליטערט אויף צום ליכט.
אויף פֿלײַס — אַדוו פֿראַזע. דזוו אויף

צופֿלײַסן ←. „זיי פֿאַרשטייען אַז ער מאַכט דאָס
א, פֿ', „ מ"ב מקאָוונאָ (ברעגאָווסקי), היסטאָריע,
דעך תּנאָים אָן אַ חתן, ווילנע 1876.
אויפֿפֿלייסן זיך — אוטוו פֿלײַס זיך אויף,
—
.
זיך ~געפֿלײַסט. מיטאַמאָל אָנהייבן זיך

פֿלײַסן, טאָן מיט גרויס התמדה,

איבערגעגעבנקייט. א, זיך בײַ אַן אַרבעט.

אויפֿפֿלייץ — דער, ־ן. אַקט פֿון

אויפֿפֿלייצן. „א, פֿון אימיגראַציע־כוואַליעס“, ש. מאַרגאָשעס.

אויפֿפֿלייצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿלייצן.

אויפֿפֿלייצן — פֿלייץ אויף, ~געפֿלייצט.

אוטוו — מיטאַמאָל אַריבערגיסן זיך איבער די ברעגן (מיט אימפּעט). דאָס טײַכעלע פֿלייצט אויף און פֿאַרגיסט די אַרומיקע פֿעלדער.

טרוו — פֿאַרפֿלייצן. „אַזאַ שלאַקסרעגן קען א, די פֿעלדער“.

אויפֿפֿלייצעניש — (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿלייצן.

אויפֿפֿליסן — אוטוו. פֿליס אויף, ~געפֿלאָסן.

מיטאַמאָל אָנהייבן פֿליסן, רינען, שטראָמען. „די פֿרילינגדיקע שטראָמען פֿליסן אויף פֿון די באַרגשפּאַלטן און לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל“.

אויפֿפֿליסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

צונויפֿפֿליסן זיך, צונויפֿגיסן זיך, צונויפֿמישן זיך

בעתן פֿליסן. „ערגעץ אויף זייער וועג פֿליסן

זיך אויף די ריטשקעס אין איין גרויסן שטראָם“.

אויפֿפֿל▯ען — אוטוו פֿלי אויף, בין ~ גע.
פֿלויגן (ווענגן ה אָ ב ← אויסלויפֿן).
אַרויפֿפֿליִען, אויפֿהייבן זיך אויף פֿליגלען. די פֿייגל פֿליִען אויף פֿון צווישן די וואַסערגראָזן.

אויפֿפֿל▯ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. צונויפֿפֿליִען זיך פֿליִען פֿון פֿאַרשיידענע ריכ, טונגען און זיך אָפּשטעלן צוזאַמען אויף איין אָרט. „די פֿייגל האָבן זיך שוין אויפֿגעפֿלויגן אויף אונדזער פֿעלד“. 2. האַסטיק צונויפֿקומען זיך. א, זיך פֿון אַלע עקן וועלט צום גרויסן יום־טובֿ.

אויפֿפֿל▯עניש — דאָס (די), ־ן. (גערדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפֿליִען (זיך).

אויפֿפֿליקן — טרוו פֿליק אויף, ~געפֿליקט.

.

(אויס)פֿליקן (←) ווײפֿל עס איז נייטיק.

אויפֿפֿלירטעווען □ אוטוו. ־עווע אויף,
~געפֿלירטעוועט. מיטאַמאָל אָנהייבן
פֿלירטעווען. א, אויף אַ דאַטשע מיט אָנגעפֿאָרענע
מיידלעך.
אויפֿפֿלעכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿלעכטן (זיך).
אויפֿפֿלעכטן — טרוו פֿלעכט אויף, ~
גע.
פֿלאָכטן. 1. צונויפֿפֿלעכטן, צונויפֿוויקלען,
צונויפֿדרייען. „נאָר צוּוואָס זאָל די האַנט
וואָס האָט די שטריק שוין איינמאָל
אויפֿגעפֿלאָכטן, אָפּפֿלעכטן צוריק“, הל, 'לידער פֿון
אומקום'. 2. פֿונאַנדערפֿלעכטן, אָפּפֿלעכטן,
אָפּוויקלען, אָפּדרייען. „אויך טאָרן זיי □יט
פֿלעכטן אָדער א, זייער האָר אום שבת„,
לט2, 1/61. „זיא האָט איר האַר שין גפֿלאָכטן,
דאַרום האָט דער כּהן איר האַר אויף גפֿלאָכטן„,
מהמ, אמשט 1722, ז/א.
אויפֿפֿלעכטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָן
באַזונדערער אָנשטרענגונג זיך צונויפֿפֿלעכטן
אָדער זיך אָפּפֿלעכטן. דער שטריק האָט זיך
אויפֿגעפֿלאָכטן.
אויפֿפֿלעכטעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפֿלעכטן (זיך).

אויפֿפֿלעמלען — ־מל אויף, ~געפֿלעמלט.
אוטוו — אָנצינדן זיך אין (מיט) אַ קליין פֿײַערל; אויפֿלײַכטן. אַ ווײַס שטערנדל פֿלעמלט אויף. „אין מײַן מוח פֿלעמלט אויף אַ מאָרגעדיקער נעכטן“, סוצ, וואַלדיקס. טרוו — מאַכן עס זאָל פֿלעמלען. א, אין אים דאָס פֿײַערל פֿון האָפֿענונג.

אויפֿפֿלעקן — טרוו. פֿלעק אויף, ~געפֿלעקט.
מאַכן אַ פֿלעק, אַרויסרופֿן פֿלעקן. „די פֿאַבריקע זאָקן האָבן בײַם וואַשן אויפֿגעפֿלעקט די ווײַסע בלוזקע“, רייד.

אויפֿפֿלעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן באַדעקט מיט פֿלעקן. א, זיך מיט טינט, בלאָטע. א, זיך בײַ אַן אַרבעט מיט פֿאַרב.

▯ ▯

אויססעדעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿעדעמען.

אויפֿפֿעדעמען — טרוו. ־עם אויף, ~געפֿעדעמט. 1. צונויפֿנעמען, צונויפֿדרייען פֿעדעם. א, אַ קנויל. 2. צונויפֿנייען (שוואַך ווי ניט איז). א, דעם גרואַלוריס.

□ □

אויססעדערן — טרוו. ־דער אויף, ~ געפֿעדערט. נעאָל. אויפֿוועקן זייער פֿרי;

אַרויסשיקן פֿאַרפֿרי. ,,מע פֿלעגט אונדז א, פֿון די האַרטע נאַרעס, ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטער“, רייד.

□

אויססעדערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויפֿשטיין זייער פֿרי; זײַן, קומען פֿריִער פֿון די אַנדערע. א, זיך צו עבֿודת הבורא און עבֿודת הגוף.

אויפֿפֿעכלען — ־כל אויף, ~געפֿעכלט. אוטוו — אויפֿגלאַנצן, אויפֿפֿ□נקלען. א, ווי בריליאַנטן. טרוו — מאַכן עס זאָל גלאַנצן, פֿינקלען. א, די סאַליע מיט אַ ים ליכט, עס זאָל פֿון איר זינגען.

□ □

אויססעכערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געפֿעכערט. 1. אויפֿבלאָזן מיט אַ פֿעכער, מיט פֿאָכן בכלל. א אַ פֿײַער. 2. אויפֿהעצן,

אויפֿ,
בורען. א, אַ מחלוקת, אַ קריגערײַ.
אויפֿפֿעלשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿעלשן.
אויפֿפֿעלשן — טרוו. פֿעלש אויף, ~
גע—עלשט. אוי פֿעלטשן פֿעל(ט)שן
פ ך: ~ .
עפּעס אין אַ דאָקומענט, לויט אַ באַדאַרף. א,
די יאָרן אין דער מעטריקע. א, עפּעס אין אַן
אַטעסטאַט.
אויפֿפֿעסטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿעסטיקן (זיך).
־
אויססעסטיקן — טרוו. ־יק אויף, ~
געפֿעסטיקט. מאַכן פֿעסטער, צופֿעסטיקן (עפּעס
וואָס איז אויבן, איז הויך, שטאַרצט אַרויס).
א, אויפֿן דאַך אַ נעסט. א, שמאַטעס אויף אַ
שטאַנג, עס זאָל ווערן אַ גוטע סטראַשידלע.
אויפֿפֿעסטיקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
פֿעסט(ער). „די פּאָזיציע פֿון דער גרופּע
פֿעסטיקט זיך אויף“.
־
אויססעסערן — טרוו. ־ער אויף, ~

געפּעפּערט. צוגעבן אַ ביסל (אָדער וויפֿל ס'איז נייטיק) פּעפּער. „אויב עס האָט ניט קיין טעם, ק▯נסטו עס א'„.

▯

אויססראַנטעווען זיך — אוטוו. ־עווע זיך אויף, זיך ~געפּראַנטעוועט. אויפּפּוצן זיך, אויפּפּוצן זיך מעשׂה פּראַנט. א, זיך מיט (אין) אַן אַלטן גאַרניטער וואָס מע האָט צוגעשיקט פֿון אַמעריקע.

אויפּפּראַסקע(נע)ן — טרוו. ־קע אויף, ~געפּראַסקעט. 1. אַרויפּפּאַטשן; שלאָגן אויף די באַקן (אויפּן פּנים). א, עמעצן די פּיסקעס. 2. 'אויפּעפּענען, פּראַסקענדיק. א, די באַקן, עס זאָל רינען בלוט.

- ▯

אויססרייען — טרוו. פּריי אויף, ~געפּרייט. אויך מיט ז י ך. פּטמ. דזוו דערפּרייען; מאַכן פּריילעך, משׂמח זײַן. א, דאָס האַרץ מיט אַ גלעזעלע משקה. א, דאָס געמיט. מיט וואָס איז דאָ זיך אויפּצופּרייען?

-

אויססרירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿרירן.
אויפֿפֿרירן — אוטוו. פֿאָרמען און בבֿ 1—2 ← אויספֿרירן. „אם ווינטר...ער לאָט אונש פֿר דען טאָר [= טויער] שטין...ביז אונש טוט אויף פֿרירן הענט אונ ביין“, 'אַ נײַע קלאָגליד אויף אַ משרת פֿון פֿראַנקפֿורט', 1708 [פֿש II]. טרוו [פּאַרטיציפּ אויך: ~ געפֿרירט] — 1. ברענגען צו פֿאַרפֿראָרנקייט; צונויפֿפֿרירן. א, געפֿילטע פֿיש מיט גליווער

--

אויפּפרעמן

אין איין שטיק. 2. מאַכן עס זאָל ניט זײַן (צונויפֿ)געפֿראָרן. אַוועקנעמען פֿון אײַז און א, פֿלייש.

אויססרירעניש — דאָס (די), ־ן.

געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפֿרירן.

□ □

אויססרישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿפֿרישן (זיך).

□ □

אויססרישן — טרוו. פֿריש אויף, ~געפֿרישט.
1. ווידער (פֿונדאָסנײַ) מאַכן פֿריש(ער). א,
אַלט־געבאַקן ברויט. א, מצה אין אויוון. „די
אַלט־געבאַקענע מעשׂה מיט ר, שמעלקען איז
בײַ אים אַצינד אויפֿגעפֿרישט געוואָרן“, ממוס,
ווינטשפֿ. 2. מאָדערניזירן, מאַכן צוגעפּאַסט
צו דער צײַט; מאַכן מאָדיש. א, אַן אַלטע
פּיעסע. א, אַ היטעלע. א, די פֿריזור. 3.
צוגעבן כּוח, מוט; מאַכן לעבעדיקער, ייִנגער. א,
מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער. „די גוטע לופֿט
און דער ריח פֿון 'סענאָקאָס, [= היישניט]...
האָט זי אויפֿגעפֿרישט„, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. „אַז איך קריג אַ שטרײַמל אין דער
האַנט אַרײַן, ווערט מיר אויפֿגעפֿרישט דאָס
בלוט אין די אָדערן“, פּרץ, 'דאָס שטרײַמל'.
4. ווידער דערמאָנען, באַנײַען; אויפֿלעבן.
*א, דעם זכּרון = דערמאָנען וואָס מע האָט
אינגאַנצן אָדער צום טייל פֿאַרגעסן. „[זיי

פֿרישן אויף יענע מער אָדער ווייניקער
פֿאַרהיילטע וואונדן“, צײַט. „די חסידישע
געזאַנגען וואָס מ'האָט אויפֿגעפֿרישט בײַ די
היימישע מאָלצײַטן אין די שבת־צונאַכטסן...“,
אַש, תּהילים־ייִד. „זיי ווילן אויך א',
אויפֿלעבן דעם פֿאָלקס אַלטע שפּראַך, די שפּראַך
פֿון דער תּורה, פֿון זײַנע הייליקע נבֿיאים“,
ממוס, אַ גרויע האָר'.

,

אויססרישן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
אויפֿגעפֿרישט אין אַלע בבֿ פֿון אויפֿפֿרישן.
„די ערד האָט זיך אויפֿגעדעקט, אויסגעווייכט
און אויפֿגעפֿרישט“, שע, 'דער אַפֿיקומן,.
אויפֿפֿרישעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿפֿרישן (זיך).

-

אויססרעגן זיך — אוטוו. פֿרעג זיך אויף,
זיך ~געפֿרעגט פֿטמ. נאָכפֿרעגן זיך אויף

-

.

עפּעס אָדער עמעצן און דערגיין, דערפֿרעגן זיך. א, זיך אויף אַן אַדרעס. א, זיך וועגן די מחותּנים.

-

אויססרעסן — טרוו. פֿרעס אויף, ~געפֿרעסן.

1. אויפֿעסן אויף אַ גראָבן אופֿן; אויפֿעסן מער ווי נייטיק. א, אַן אָקס (מיט די הערנער, מיט די קאָפּיטעס). א, ווי אַן אָקס, ווי אַ פֿערד. א, און אויפֿזויפֿן וואָס מע געפֿינט אין שטוב. *א, מיט די אויגן — פֿאַרכאַפּטערהייט קוקן

אויף עמעצן, עפּעס און שטאַרק באַגערן. „זע נאָר ווי ער פֿרעסט זי אויף מיט די אויגן“. *איך וואָלט עס א'! = עס איז זייער אַפּעטיטלעך; עס איז זיס, ליב (געוויינטלעך וועגן אַ קינד וואָס מע האַלט אין קושן, מע שפּילט זיך מיט דעם). „אידיר מענש האָט דאז קינד

גערין אויף גיפֿרעסין, דען גאַר איין שין לײַטיש קינד גיוועזין, דאז קיין גלייכניש גיהאט האָט“, גה, 92.

2. אויפֿעסן (וועגן בעלי־חיים). „גלײַך אַז איין הונט, דער...פֿרעסט זײַן שפּײַאַכט ווידר אויף“, לט1/2' ll. „מע בינדט מיר אָפּ די קאַץ...

אויפֿפֿרעסעניש

זי זאָל מיר די לונג פֿון קיישל אַרויס א ,,, ווײַם, אַ שטעטל. „מײַז גאָר זײַנען אָנגעלאָפֿן, און וואָס כעלעם...אויף דער סעודה האָט פֿאַרגרייט — האָבן זיי...אויסגענאַשט און אויפֿגעפֿרעסן“, מל, 'ליטווישע מײַז'.

3 פֿאַרצערן; אַוועקפּטרן, מאַכן אַ סוף,

.

אומברענגען. פּראָצענטן פֿרעסן אויף דעם קאַפּיטאַל. אַ גאַנצן פֿאַרמעגן, אַ ירושה. „זי

וועט אויסבּרענען, א, דאָס אינעווייניקסטע אין
דעם בּויך פֿון דער ערד“, ממוס, קליאַטשע.
„די גאַנצע קינדהייט איז אויפֿגעפֿרעסן
געוואָרן דורך דער נויט און אָרעמקייט וואָס
האָט געהערשט בּײַ זיי אין שטוב„„ אַש,
תּהילים־ייִד. „פֿאָן־שפּעק פֿרעסט אויף איצט
אַ—וּבּאַנער דאָרף“, פּמ, מלחמה.

אויססרעסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿפֿרעסן. ־סעכן.

אויפֿפֿרעסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿרעסט אויף. אַ קאַץ אַ נאַשערקע,
אַ־ 'קע.

אויססרעסערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג
פֿון אויפֿפֿרעסן, פֿון אויפֿפֿרעסער. אַן א אַז
,

עס גייט אַ רויך.

אויפֿצאָל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿצאָלן. ערשטע אײַנצאָלונג. „בּײַם
קויפֿן דאָס הויז איז נייטיק אַן א, פֿון אַ דריטל
פֿון פּרײַז“. אַרײַנטראָגן דעם ערשטן א, אויפֿן
חובֿ.

נג — די, ־ען. דזוו אויפֿצאָל.

— טרוו. צאָל אויף, ~געצאָלט.
1. אָנהייבּן צאָלן. א, דאָס געלט צו דער מינוט. 2. בּאַצאָלן די ערשטע ראַטע. „די הלוואה איז אויף אַ האַלבּ יאָר, אָבער א, דאַרף מען זי אין צוויי חדשים אַרום„.
אויפֿצאַנק — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿצאַנקען. „דער כּוח פֿון לעצטן א'“, נאַד, טאָג, 1942.
אויפֿצאַנקען — אוטוו. צאַנק אויף, ~ געצאַנקט. מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) צאַנ, קען פֿלעמלען, טליִען, גלימערן. „דאָס פֿײַערל, צאַנקט אויף אַ פּאָר מאָל און פֿאַרלעשט זיך אינגאַנצן“. „אַ לעבּן צאַנקט אויף אויף אַ ווײַל און שטאַרבּט אָפּ“. אַ האָפֿענונג צאַנקט אויף. „דער ייִדישער פֿונק האָט געטאָן אַ טליִע און אַ צאַנק אויף ערגעץ טיף־טיף אין...האַרצן„, פּ. רודאָי, טמז, 29 1961 I.
אויפֿצאַנקעניש — דאָס (די), ־ן. (פֿילמאָליקער) פּראָצעס פֿון אויפֿצאַנקען.
אויפֿצאַפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿצאַפּן.
אויפֿצאַפּל — דער, ־ס. 1. אַקט פֿון

אויפֿצאַפּלען. פּלוצלינגדיקער א'. נאַד. 2.
אויפֿטרייסל, אויפֿרעגונג. „איך דערוואַרט אַן א„
אַן ענדערונג אין טאָן“, הל, טאָג, 28 ◻ 57 I.
אַן א, פֿון דער נשמה. „דער צער מאַכט
אויפֿצאַפּלען מײַן האַרץ און פֿון דעם א אַרויס
,
שרײַב איך מעשׂות„„ איבז ל. אָליצקי, היימיש,
59-◻.
אויפֿצאַפּלען — אוטוו. ־פּל אויף, ~
געצאַפּלט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ)
צאַפּלען; אויפֿציטערן, אויפֿפֿלאַטערן. א, פֿון
שרעק. א, ווי אַ ניט־דערקוילעטער. „אַ שילד

[האָט] מיט בוכשטאַבן מיט לעבעדיקע
אויפֿגעצאַפּלט„„ פּמ, מלחמה. „ער וועט זיך
צוגעוואוינען צו הינט, קעץ און וועט ניט א,
פֿון יעדן שאָטן“, חיים פּעט, איק, 1960 II◻
29. „עס האָט זײַן גוף פֿון אומרו
אויפֿגעצאַפּלט“, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.
אויפֿצאַפּלעניש — דאָס (די), ־ן. (
פֿילמאָליקער) פּראָצעס פֿון אויפֿצאַפּלען.
-
אויסצאַפּן — טרוו. צאַפּ אויף, ~געצאַפּט.

1. אויפֿעפֿענען (אָפּדרייען דעם צאַפּן) און לאָזן אַרײַנרינען פֿליסיקייט אין אַ כּלי. א, ווײַן פֿון פֿאַס. 2. צונויפֿקריגן (איבערגוואַלד אָדער אומערלעך). א, פֿון עמעצן אַ פּאָר גרײַצערס.

-

אויסצאַפּעניש — דאָס (די), ־ן.

גערויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿצאַפּן (זיך).

אויסצאַצקען — טרוו. ־קע אויף, ~ געצאַצקעט. 1. אויפֿשרײַבן, אויפֿצייכענען, אויפֿמאָלן אויף אַ קונציקן (קינסטלערישן) אופֿן, מיט באַפּוצונגען, מיט פֿליטערלעך. א, אויפֿן פּאַפּיר געדריידלטע אותיות, עמבלעמען אאַזוו. 2. אויפֿפּוצן, אויפֿצירן. א, די צעפּלעך מיט סטענגעס און בלומען. 3. אויפֿשטעלן עפּעס; דורכפֿירן יעדן מין אַרבעט מיט אַ פּראָדוקט וואָס זאָל ווירקן עסטעטיש אָדער ווי אַ חידוש. א אַ סוכּה. א אַ פּאָר שטיוועלעך וואָס שײַ, ,
נען. א, אַ שטיקל אַרבעט אַרומצוטראָגן אויף חידושים.

אויפֿצאַצקען זיך — ← דפֿוו. אויך:
1. גרייסן זיך; האַלטן פֿאַר אַ דערגרייכונג, אַ כּבֿוד. א, זיך מיט אַ געראָטענער מלאָכה. א, זיך מיט וואוילע קינדער. 2. צעפּטרן צײַט (בײַם וועלן טאָן עפּעס פּערפֿעקט). א, זיך בײַ אַן אַרבעט אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

אויפֿצאַצקעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿצאַצקען (זיך).

אויפֿצאָר(ע)נונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿצאָר(ע)נען.

אויפֿצאָר(ע)נען — צאָרן אויף, ~געצאָרנט. אוטוו — מיטאַמאָל ווערן שטאַרק אין כּעס. א, פֿון אַ גרויסער עוולה. טרוו — אַרײַנבּרענגען יענעם אין צאָרן. א, דעם האַר מיט אָפֿענע רייד. אויך מיט ז י ך.

אוי□ צו — פֿאַרבינדונג פֿון פּרעפֿ אויף און פּאַרטיקל צו וואָס קומט פֿאַרן אינפֿיניטיוו. אויף האָט דאָ אַ צילבאַטײַט (← אויף פּרעפֿ ב6). געלט א, צ, קויפֿן מצות. נײַע לערן־מכשירים א, צ, פֿאַרבעסערן די לימודים.

אויפֿצוג — דער, ־ן. 1. אויפֿמאַרש, דאָס אויפֿמאַרשירן. „וואָס מאַכט איר דאָ אַזאַ א'?“, אָגוז. „לסוף איז הקב“ה געקומען מיט זײַן גאַנצער פּמליא של מעלה מיט גרויס א, און

פאַראַד און האָט זיי אַרויסגענומען בּיד רמה [פֿון מצרים]“, נוצ I. „אַ פֿאָר געטאָן מיט אַ גרויסן א', מיט אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד„, יאַ, שטערנטיכל, לײַפּציג 1861. 2. פֿאָרהאַנג. „ ראשית מוז איין בּימה גימאכט ווערדן מיט איין דרייא פֿאַכין אויף צוג. אין דער מיט מוז זײַן איין גרוישר אויף צוג...(וביד ימין) מוז זײַן איין קליינר אויף צוג פֿיר דער (מלכּה) איר חדר...„„ 'אחשורוש־שפּיל', אַמשט 1718 [פֿש 3 .[II. אַקט אין טעאַטער־שטיק. „די גאנצי הישטארי [מוז]

□

אויפֿצוימען

גיצייגיט ווערדן אין פֿיר... אויף צוגין“, דאָרטן. 4. דערצויגלינג, לאָקל (קאָלאָמיי, גאַליציע), האָדוואַניק, אַ קינד (געווייִנטלעך אַ יתום), וואָס ווערט אויפֿגעהאָדעוועט ניט בּײַ אייגענע טאַטע־מאַמע.

אויסצוואָגן — טרוו. צוואָג אויף, ~ געצוואָגן. (אויס)צוואָגן אַ בּיסל. ← אויסצוואָגן.

אויסצדואָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿצוואָגן.

אויפֿצוויט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿצ וטען. א, פֿו אַקאַציעס.

2. ערשטע בליאונג, בליִעכץ.

אויסצוויטען — אוטוו. ־טע אויף, ~ געצוויטעט. אויך: ~צוויטן. 1. אויפֿשפּראָצן, אויפֿבליִען. 2. אויפֿקומען און זיך גוט אַנטוויקלען. „אָבער די פּלאַטקע פֿון ישרנים צוויטעט אויף“, מס, משלי תּקע„ד, יד, 11 ['ואהל ישרים יפֿריח']. די האָפֿענונג צוויטעט אויף.
אויפֿצוויט(ש)ערן — ־ט(ש)ער אויף, ~ געצוויט(ש)ערט. אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג אַרויסגעבן קלאַנגען צווי־צווי (וועגן אָדער ווי פֿייגל). טרוו — אויפֿזינגען מיט אַזעלכע קלאַנגען. ”די פֿייגעלעך הינטערן פֿענצטער צוויטשערן אויף זייער פֿרימאָרגן־ליד“.
אויפֿן צווייען — אַדוו פֿראַזע. אויף צוויי חלקים, טיילן. צעשנײַדן אַ לעבל ברויט א, צ'. „ער האָט מיר מײַן האַרץ א, צ, צעבראָכן“, פֿל. „אויף יעדן בלעטל איז געשטאַנען די סדרה פֿון דער וואָך, צעווירעט א, צ', פֿון איין זײַט — קבלתּי, פֿון דער אַנדערער

זײַט — נתּתּי", שע.

אויפֿצווייפֿלען — אוטוו. ־פֿל אויף, ~ געצווייפֿלט. אָנהייבן האָבן אַ ספֿק, צווייפֿלען.

 א— וועגן עפּעס.

,

אויסצווינגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿצווינגען.

אויפֿצווינגען — טרוו. צווינג אויף, ~ געצוואונגען. אַרויפֿצווינגען עפּעס אויף עמעצן; פֿאָדערן מיט גוואַלד פֿון עמעצן עפּעס אויסצופֿאָלגן, עפּעס צו טאָן, דורכצופֿירן. א, עמעצן אונטערצושרײַבן זיך אונטער אַ (פֿאַלשן) דאָקומענט. א, געדאַנקען. „דיא ערגשטי בלעט [= פּלעט] טוט מן אונז אויף צווינגין , פֿראַנקפֿורטער בחורים־ליד', 1750 [וואַכשטיינבוך, ייִוואָ 1939].

אויפֿצווינגעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿצווינגען.

אויפֿצווינגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער עס צווינגט אויף, אַרויף. זיך אויסלאַכן פֿון א'ס.

אויפֿצוויקן — טרוו. צוויק אויף, ~געצוויקט. אויך: ~צוויקען. אויפֿצופּן, אויפֿקנײַפּן. א, גרעזלעך.

אויפֿצויבערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געצויבערט. אַרויפֿברענגען, אויפֿשטעלן, אויפֿטאָן,
אויפֿשאַפֿן דורך כּישוף אָדער ווי אויף אַ
כּישופֿדיקן אופֿן. א, אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג.
אויפֿצוימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿצוימען.
אויפֿצוימען — טרוו. צוים אויף, ~געצוימט.
אויך: ~צאַמען. 1. אויפֿשטעלן אַ צוים,
אַן אָפּגרענעצונג. א אַ מחיצה. 2. אַרײַנגעבן
,

אויפּצוימעניש

אין מויל אַ צוים (בײַ פֿערד). א, דעם
קאַשטאַן. 3. אײַנצוימען; ווירקן מע זאָל
אײַנהאַלטן (דאָס געמיט, די געפֿילן). א, דעם עולם,
ד — געמיטער, דעם צאָרן. אויך מיט ז י ך.
י
אויסצוימעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערד ער) פּראָצעס פֿון אויפֿצוימען (זיך).
י
אויפֿצוימער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער
עס צוימט אויף, דרעסירט חיות. א, פֿון לייבן.

אויסצוכט — די. מצ נבֿ. דטשמ. האָדעוואַניע
פֿון בּעלי־חיים.
אויף צו־כּלומרשט(ן)
— [...קלוימערשט(ן)]
אַדוו (פֿראַזע). ניט אויף אַן אמת, ניט אויף
צונאמתן; ניט אָן אָנשטעל, ניט־ערנסט. ווערן
אין כּעס א, צ'־כּ.,
אויף צו־להכעיס — [...צולעהאַ'כּעס, צעלאַ'־
כּעס, צעלאָ'כּעס] אַדוו פֿראַזע. אומיסטן,
בּכּיוון כּדי אַרויסצורופֿן כּעס, אומצופֿרידנקייט.
טאָן, אָפּטאָן א, צ'־ל.,
אויף צומאָרגנס — אַדוו פֿראַזע. אויף
מאָרגן, אויף דעם צווייטן טאָג. הײַנט זאָגן
אַזוי און א, צ, — פּונקט פֿאַרקערט. קומען,
לאָזן א, צ.,
אויף[צון־אמתן — [...ע'מעסן] אַדוו (פֿראָזע).
אויך: אויף צוס־אמתן. אויף אַן אמת.
ערנסט, ניט אין שפּאַס, ניט מיט אַן אָנשטעל.
מיינען (אַרויסזאָגן) א, צ'־א'. א, צ'־א, ליבּ
האָבּן.
אויפֿצונטערן — ־ער אויף, ~געצונטערט.
אוטוו — ווערן זייער רויט. ,,פֿון פֿראָסט

צונטערן אויף די באַקן, זיי פֿלאַמען ממש“.
טרוו — מאַכן רויט ווי צונטער.
-

אויסצופּן — טרוו. צופּ אויף, ~געצופּט.
1. אויסצופּן (←) וויפֿל עס איז נייטיק. א,
די הערעלעך פֿון דער בראָדעווקע; א, די
איבעריקע האָר פֿון די ברעמען. 2.
צונויפֿצופּן, צונויפֿנעמען צופּנדיק. א, די
פֿעדערלעך און די פֿעדעמלעך פֿון דער קאַנאַפּע.

אויסצופּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿצופּן.
אויף צופֿליי'סן'...צופֿלייסנס — אַדוו (
פֿראַזע). אויך: אויף[צופֿליי'ס. (ווי) אין שפּאַס,
(ווי) אויף געלעכטער, אויף קאַטאָוועס. אָפֿט
מיט נ י ט = בכיוון, ערנסט. „איך האָב איר
א, צ, געפֿרעגט, ווי פֿירט זי דעם שענק, האָט
זי מיר געוויזן...„, מסדר אגרת, תקפּ“ה. „דער
שניי איז דאָ עפּעס גאָר ווי א, צ, געפֿאַלן...
אַזוי ביזן אָוונט“, מל, „...ווי אַזוי אליהו הנבֿיא
האָט געראַטעוועט...„ „די זון איז שוין ניטאַ.
דאָס שוואַרצע וואָרענען געוועןניט א, צ',„,
הל, אַ בלאט אויף אַן עפּלבוים.

--

אויף; צוסר〈ער — צגז〈דוו. פֿריִער, פֿאָרויס, (אַרויסגעשטעקט, אַרויסגערוקט) פֿון פֿאַר זיך. „אַלע קינדער פֿון אַלע תּלמוד־תּורות גייען א, צ, און מע זינגט אויף אַ קול‟, שע. „די איבעריקע מחותּנים... לויפֿן איינער איבערן אַנדערן מיט די הענט א, צ', ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואַלט טאָן אַזעלכעס...„, שע, יידישע ראָמאַנען.

-

אויסצ〈ק — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿצוקן.

אויפֿז צו־קלאָמפּערשט(ן) — דזוו אויף צרכּלומרשט(ן), נאָר מיט אַ בּייַבּאַטייַט פֿון בּיטול.

〈

אויסצוקן — צוק אויף, ~געצוקט. אוטוו —

אויפֿציטערן; אויפֿטרייסלען זיך. עס צוקט אים אויף אַן אָדערל בּייַ די ליפּן. א, פֿון שרעק. טרוו — פֿאַרצוקן. טוו פֿאַר 'טרף'. אַ חיה רעה טוט א,. „די ווינט רענטן [= די פֿייַנד

זײַנען געלאָפֿן] גאָר גרינגן. ווי בלד טעטן זי אין
[אים] אויף צוקן“, בבֿא־בוך, 51.
אויסצוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אויפֿצוקן. ס'הייבט זיך אָן אַן א, פֿון
אַקסלען, אַ כליפּערײַ.

-

אויסצוקערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געצוקערט. 1. באַשיטן מיט צוקער. א, יאַגדעס.
2 פֿאַרצוקערן; גיך און גוט (מיט אַ הויכן

.

פּרײַז) פֿאַרקויפֿן. א, אויפֿן יריד אַלץ וואָס
מע האָט מיטגעבראַכט.
אויף[צוריק — צגז אַדוו. דזוו צוריק;
הינטערווײַלעכס; אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג.
שטעלן אַ פּאָר טריט א, צ'. אומדרייען דעם
קאָפּ א, צ,. „אַז מע טרעט (אָן) אויף אַ (דער)
קאָטשערע, שפּרינגט זי א, צ'„, שוו.
אויפֿצי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אויפֿציִען.
א'־בריק (סטוטש) = בריק וואָס מע קען
אַרויפֿציִען. 2. אַקט פֿון אַ פּיעסע

פֿאָר,

שטעלונג. (← אויפֿצוג). „סערקעלע אָדער די
יאָרצײַט נאָך אַ ברודער, גאָר אַ נײַ

טעאַטערשטיק אין פֿינף א'ען פֿון דר, שלמה
עטינגער". נעאָל.

-

אויסציאונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿציִען. 2. ספּעצ:
דערציאונג, האָדעוואַניע, דאָס אויפֿציִען. „ואינם
מטריחים בּגדולם כּאדם — און זײַנען ניט
מטריח זייערע עלטערן מיט זייער א', וואָס
דער מענטש איז מטריח זײַן פֿאָטער און מו.
טער", חה, 173. „עש איז ארגיר איין בּיז
אויף ציהונג אין דעם מענשן הויז אלש דיא
צרות דיא דא ווערן זײַן בּייא דיא מלחמה פֿון
(ג□ג ומגוג)" [>בּרכות, ז], מהמ, עח/א.
אויסציטער — דער, ־ס. אַקט פֿון
אויפֿציטערן. „וואָס [איז]...פֿלאַטער־בּלענד פֿון...פֿאָנען
אַנטקעגן א, פֿון קאָלנערל פֿון העמד?", הל,
'בּאַלאַדע פֿון דענווער סאַניטאַריום'. „איך האָבּ
בּאַמערקט אַן א, בּײַ איר: אירע אויגן האָבּן
אויפֿגעבּליצט מיט פּחד„, הל, טאָג, 1958 □יI 12.

אויסציטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿציטערן. „א, פֿון דער מאָראַל, פֿון דער גאַנצער פּסיכיק, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך די מלחמות, די רעוואָלוציעס, שנ, לענער, דיכטער, ריטיקער I.

אויפֿציטערן — ־ער אויף, ~געציטערט.

אוטוו — 1. מיטאַמאָל (אומגעריכט) געבן אַ באַוועג מיט אַ גליד (מיט גלידער, מיטן גאַנצן קערפּער), ווי אַ רעפֿלעקס. א, פֿאַר קעלט פֿאַר

שרעק. א, מיט די פּלייצעס. „וואָלף האָט אויפֿגעציטערט. רחלע האָט אַ כאַפּ געטאָן צווישן די ליפּן זײַן אויער־לעפּעלע און לײַכט אָ ביס געטאָן“, אָפּאַ, טענצערין. 2. זיך שטאַרק דערשרעקן; דערציטערט ווערן. „פֿון אַזעלכע נײַס האָבן די ייִדן אויפֿגעציטערט“, ספּ, סודות. 3. נעמען זיך טרייסלען. „פֿרעגט דער בעלמדרש: נאָכוואָס האָט די ערד באַדאַרפֿט זיך שרעקן און א'?“, ייִש, משה רבינו (פֿון אונדזער אוצר). „אין דער אויסגעשטאָרבענער געטאָ האָט זיך צערוישט די שטילקייט, גלײַך

די חורבֿות וואָלטן אויפֿגעציטערט", חג, דער
מאַמעס שבֿתּיס. 4. אויפֿקומען אָדער ענדיקן
זיך מיט אַ ציטער. „עס האָט אָנגעהויבֿן א,
דער קאַיאָר,„ ייִט, טמז, 5 1959 II. „
אומגעריכט האָט אויפֿגעציטערט לעבֿן מיר די נאַכט
און איינער האָט גענומען אויפֿקלײַבֿן די
שטערן", יהואָש, 'זומערנאַכט,.
טרוו — מאַכן ציטערן. „די מיידלעך...האָבֿן
אויפֿגעציטערט דעם מאָרגן מיט זייערע
מיידלשע געשרייען,„ אָפּאַ, 'פֿירשט דאָלגאָרוקאָוו'.
„...מיט אַ ווילדן יעמערלעכן קלאָג וואָס האָט
אַלעמען אויפֿגעציטערט,„ לדבֿ, 348.
-
אויסציטערניש — דאָס, ־ן. פּראָצעס פֿון
אויפֿציטערן. אַן א, פֿון קעלט, פֿון שרעק.

אויסצײַגן — טרוו. צײַג אויף, ~געצײַגט.
פּר, לר. דזוו אויפֿווײַזן ←. א, דעם אַדרעס
פֿון עמעצן. „קען נאָך קומען אַן אינדיאַנער
און א, אַז דאָס הויז האָט בּאַלאַנגט צו זײַנע
זיידעס", טמז, 19 l961.

-

אויסצײַטיקן — אוטוו. ־יק אויף, ~
גיעצײַטיקט. ווערן צײַטיק. די פירות האָבן שוין
אויפֿגעצײַטיקט אויף די ביימער.

אויסצייכענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿצייכענען. ספּעצ: סקיצע,
אָנוואַרף; נאָטיץ. „אוודאי זײַנען דאָ טעמים,
פֿאַרוואָס דער ייִד האָט קיינמאָל ניט געמאַכט
אַזעלכע א'ען פֿון זײַן פּשוטן לעבן,,,
בעלמחשות III.

אויסצייכעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
אויפֿצייכענונג.

אויסצייכענען — טרוו. ־כן אויף, ~
געצייכנט. 1. אויפֿמאָלן (ניט מיט פֿאַרב און אַ
פּענדזל, נאָר מיט אַ פּען, בלײַער אע). א, אַ
פּאָרטרעט. א, אַ פּלאַן פֿון אַ בנין. 2.
אויפֿשרײַבן צייכנס, סימנים. א, די פּרײַזן.

3. אַרויפֿשרײַבן אָדער ווי ניט איז אָנדערש אויסצייכענען. א, מיט מזוזות אַז דאָ וואוינען ייִדן. „קום און זע. אַ מענטש מוז א, אויף דעו
.
טיר דעם שם הקודש“, נצ2, קנ„ד/בּ. 4. אויפֿנאָטירן, אויפֿשרײַבן קורץ. א, די וויכטיקסטע געשעענישן פֿון טאָג. „והרבּנים...זאָלין אויף צייכנן וואז איטלכר גיבּט וגבּאי צדקה ולן דען צעטיל איבּר זעהן“, תּקק. „...האָט אַרויסגענומען אַ קאַרטל, אויפֿגעצייכנט אָלע נייטיקע זאַכן און געבּעטן אונטערשרײַבּן“, נאַד. 5. רעקאָרדירן; פֿאַרשרײַבן, מע זאָל שפּעטער וויסן, געדענקען. א, אין פּנקס „דא זאלין רבּנים וראשים וטובֿים וקהל יצ“ו אויף צייכינן אין איין ספֿר זכרונות„, תּקק. „...גענומען זײַן בּיכל און האָט זיך אויפֿגעצייכנט די נעמען פֿון די מחותּנים“, פֿון דעם וויחאָוואַניק, לעמבּערג 1887.

אויפֿצייכענער — דער, ־ס. נעאַל. ווער עס צייכנט אויף פּלאַנען. „ער האָט אַ שטעל בּײַ אַן אַרכיטעקט, ער איז אַן א,“.

אויפֿציילן — טרוו. צייל אויף, ~געציילט.

1. צונויפֿציילן, אָנציילן. א, די געסט איידער מע דערלאַנגט דאָס עסן. „צו מײַן אַנטוישונג

האָב איך אויפֿגעציילט נישט מער וו אַ מנין,,,
י
מוק, מײַנע באַגעגענישן 2 .II. ציילן
עפֿנטלעך, אָפֿן, פֿאַר עמעצנס אויגן. ,,דיא
ביקסענגעלדער זאָל מן אויפֿצעהלין, זאָלל דער גבאי

אויפֿציילעניש

איין מבֿורר אַדר איין זקן נעממין אונד המעות
אויסצעהלין“, 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה
קדישאָ', תּנ,,ב [oh m . 1 d]. ,,רעדט
[מען דעם] בחור אַ שידוך, וויל מען אים א,
פֿינף הונדערטער,,, יופֿאָל, 10 l888, No,
בײַלאַגע.
אויפֿציילעניש — דאָס (די), ־ו. פּראָצעס
פֿון אויפֿציילן.

-

אוימציכן — טרוו. ציך או ף, ~געציכט.
< פֿרידײַטש: au[iehen [און אַרויסגערעדט
ווי כ]. אַרכ. אָפּציִען, אָפּלייגן. ,,אַך טאָר קיין
דיין מענו דין זײַן, דאז איז דש ער דיא
בעלידינים לאַנג אויף ציכט, איי ער פסקנת,,, לט1,

 ע(וו — טרוו ־ (ווע) אויף,
ע)ן .
י
ען. פּפֿ:

אוי צי ע
~געצילע(ווע)ט. אויך: ~צי
~סיל(י)ען. אויפֿציִען אויף אַ שנירל. ,,...[ער האָט] געזען רחלען..., ווי זי צילעוועט אויף פּאַטשערקעס אויף קאָלירטע דרימען,,, אָפּאַ, 'שיכפּוצער,.
אויפֿצימבלען — טרוו. ־בל אויף, ~ געצימבלט. 1. אויפֿשפּילן אויף אַ צימבל. א, אַ מעלאָדיע. 2. (שלעכט) אויפֿשפּילן מיט גערויש, מיט פּויקערײַ. א, אַ מאַרש עס זאָל פֿאַרהילכן די אויערן. 3. במקום־ווערב פֿאַר אויפֿקלאַפּן, אויפֿרוישן אע. 4. במקום־ווערב פֿאַר אָנשמײַסן. א, אויפֿן זײַט־מוחל.
אויפֿצימבלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿצימבלען. ניט קיין מוזיק, נאָר סתּם אַן א'.
אויפֿצינדן — טרוו. צינד אויף, ~געצונדן.
1. דזוו אָנצינדן. מ פֿאַרטײַטשט 'והעלה את

נרתיה, (שמות, כה, 37). „און, ער זאָל אויף

צ▯נדן“, [תּי ▯ אָנצינדן]. „...אויפֿגעצונדן קליינע

פֿײַערלעך אויפֿן וועג“, יג, תּוך. 2.

אויפֿהעצן; אַרײַנבּרענגען אין צאָרן; אויפֿרודערן. א,

די שטאָט מיט אַ מחלוקת. א, אַ מחלוקת, אַ

קריגערײַ.

אויפֿצינדן זיך

2. ווערן

אָנגעוו— ← דפֿוו. 1. זיך אָנצינדן.

שטערנדלעך צינדן זיך אויף.

צונדן, אין כּעס, צאָרנדיק. „וואָס האָסטו זיו

אַזוי אויפֿגעצונדן? ווער האָט דיך פּוגע בּכּבֿוד

געווען?“

אויפֿצינדעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אויפֿצינדן.

אויפֿצינדער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־ס. ווער עס

צינדט אויף, רופֿט אַרויס קריג(ערײַ),

מחלוקתן. די מלחמה־א'ס.

אויפֿצינען —. טרוו. צין אויף, ~געצינט.

אויסצינען (←) ווײַל עס איז נייטיק. א, דעם

דעק פֿון אַ בּלעכערנעם עמער.

אויפֿצינקע(ווע)ן — טרוו. צינק(עווע) אויף,

~געצינק(עווע)ט. אויסצינקע(ווע)ן (←) ווײַל

עס איז ני.יטיק. אויפֿווײַסן. א, כּלים אויף

פּסח.

אויפֿצ▯ען — טרוו. צי אויף, ~געצויגן.

1. אַרויפֿציִען אין דער הייך (אויך אין אַ זײַט). א, דעם פּאָרהאַנג. „דען זעגיל צוהן זי אויף גר גרינגן“, בּבֿא־בּוך, 192. „דיא קאַרדינין [= גאַרדינען] ווערדן אויף גיצאגין“, „אחשורוש־שפּיל', אַמשט 1718 [פֿש ▯I]. *א, דעם אָרון ← אויפֿציִען, דאָס.

477

2. אַרויפֿציִען איין זאַך אויף אַ צווייטער. א אַן איבּערצי. א אַ ציכל אויף אַ קישן.

,   ,

„דאַרף מען זיי אַרײַנטראָגן די זאַכן אין צימער...און ציכלעך א, אויף די קישעלעך“, שע, פֿון צוויי וועלטן. א, סטרונעס אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט (← בּ9).

3. אַרויפֿציִען אויף אַ פֿאָדעם, שנירל; אויפֿצילען, אויפֿסילען. א, פּערל אויף אַ שנור. פֿאַקטן פֿון קוים דרײַ פֿאַרנעפּלטע קינדער„ —
יאָרן...וואָס טו איך מיט זיי? אויף וואָס פֿאַר אַ

שנירל צי איך אויף די שטיינדלעך, גלעזלעך און די פּאָר פּערל?,,, פּרץ, זכרונות. ,,,...
שמייכלט אידיאָטיש און ציט אויף העקעלעך, ' ווייַבלעך', אויף טאָוולען,,, אָפּאַ, 'אַ הויז אויף גאָרעק־סטריט,.

4. צונויפֿציִען. א, די שנירלעך פֿון די שיך. א, דעם שטריק בײַם אַרומבינדן. *א, (מיט) די פּלייצעס = זיי אַ הייב טאָן און צונויפֿציִען. ,,דער קייסער האָט אויפֿגעצויגן די פּלייצעס און איז געוואָרן אומגעדולדיק,,, קמ, 4 1862, No. ,,ר, בעני (ציט אויף מיט די פּלייצעס): אַז דאָס ווייַבל איז שלאַף וועט מען מוזן מאַכן...דער שליח זאָל מוסר זײַן דעם גט דאָ אין דער היים,,, יאַ, גענאַרטע וועלט.

5. אויפֿשטעלן עפּעס מיטו ציִען, אויסציִען. א, אַ לײַוונטענעם אָפּדאַך. א, די בויד אויפֿן וואָגן. ,,,...האָב איך שטיל ס'געצעלט מײַנס אויפֿגעצויגן,,, הר פֿאַרנאַכט.

,

6. אויפֿהאָדעווען, אויפֿכאָווען; געבן נייטיקע לעבנסמיטל. ,,אירי קינדר דז עטש זײַט אויף גיצויגין גיווארין מיט אייטל תּענוגים און, זעפּטיקייט...", נצ1, במדבר, לב/ד. ,,(רחבֿעם) דער...פֿאַר ליס [= האָט פֿאַרלאָזן] דיא עצה

פֿון דען אַלטן, און, ער פֿאָלגט דען יונגן דיא
מיט אים וואַרן אויף גיצאגן“, לט1, 2/50.
„מיט פֿריידע אַלטעלען בײַנאַנד...דאָך גאָר ווי
-
אויפֿגעצויגן געוואָרן — און פֿאָרט אַזוי אַ צרה
צו זײַן!“, עט, סעדקעלע. „...כאָטש אין דאָרף
אויפֿגעצויגן„, הגדה פֿון יעקי□א, וואַרשע 1881.
„פּענעקן האָט מען אין ,הויז, פֿײַנט, מע ציט
אים אויף אין קיך“, בערג, בײַס דניעפּער I.
7. דערציִען, מחנך זײַן; געבן בילדונג,
אײַנלערנען מידות. א, אין חדר און אין ישיבֿה.
„די ייִדישע פֿירערס, אויך פֿון די
רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָט די ישיבֿה אויפֿגעצויגן“,
רייד. „זוא ווערט דז קינד אויף גצוגן ווערן
מיט תּרבות און, דרך־ארץ“, שבֿט מוסר,
ווילהרמרשדאָרף, תּפּ“ו, מו/בּ. „...און וויא זאָל
זיך הלטן מיט...אויף צי□ן זײַן קינדר“, עיון,
הקדמה. „דער פּריץ האָט געהאַט אַ זון אַ
בןיחיד, האָ□ ער אים אויפֿגעצויגן אין פּאַריז„,
פּרץ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. „וואָס דען?
,
בײַ אונדז ווערן קינדער לײַט? גנבֿים ציט מען
אויף און ווײַטער גאָרנישט“, אַש, 'אַ היים'.

,,קוק דיך אום ווי אַזוי דאָס שטעטל ווערט אויפֿגעצויגן אין בילדונג,,, לייב פּימטענשטיין, תּיקון לייבאַלע, לעמבערג 1894.

8. פֿאַרציִען, אָפּלייגן. א אַן ענין. א אַ

פּראָצעס. ס'איז אַן עוולה א, דעם ענטפֿער און לאָזן וואַרטן אומזיסט.

9. אָנציִען, אָנדרייען; לאָזן אין גאַנג, מאַכן עס זאָל פֿונקציאָנירן דורך ציִען. א, אַ

ספּרואויפֿצירן

זשינע. א, אַ זייגער [מע פֿלעגס דאַרפֿן אַרויפֿציִען אויף אויבן די וואָג]. א, אַ ליאַלקע, זי זאָל גיין, טאַנצן. ,,ווען די אור איז שטיין געבליבן איז אָסור א, אַפֿילו דורך אַן עכו,,ם; ווען די אור נאָך גייט איז מותּר צו לאָזן פֿון איין עכו,,ם א''', הרבֿ א. ברודא, הליכות עולם.

10. אָנציִען, אונטערפֿירן; אָפּלאַכן פֿון עמעצן מיט אַן אָנשטעל; גענאַרן. ,,כאַ־כאַ, מע האָט דיך נאָר אויפֿגעצויגן און דו מיינסט אויף אַן אמת,,, רייד. מלל פֿאַרטײַטשט 'הלא אָמרתּי לא תשלה אותי, (מלכים ב, ד, 28) ,,אויף ציהן,,, [תּי: גענאַרן].

11. אַרויפֿבּרענגען. א, גאָטס צאָרן. א, דעם חסד פֿון זײַן ליבן נאָמען. „בּלעם...האָט געהאַט אַ שלעכט אויג, אויף וואָס ער האָט געקוקט — האָט ער אויפֿגעצויגן דעם רוח פֿון דעם משחית“, נצ2, כג/ד.

אויסצ□ען — דאָס. מצ גבֿ. דאָס אַוועקציִען אין אַ זײַט דעם פּרוכת פֿון אָרון־קודש פֿאַר הוצאת און הכנסת התּורה. [דער וואָס קריגט א, שטעלט זיך אין צפֿון פֿון דעם אָרונקודש און ציט דאָס שנירל וואָס איז צוגעבּונדן צום אייבּערשטן צפֿון־ווינקל פֿון פּרוכת און דעקט אויף דעם אָרון־קודש. דער וואָס □ריגט צ ו צ ִ ע ן שטייט אין דער דרום־זײַט און ציט (בּײַם פֿאַרדעקן דעם אָרון־קודש מיטן פּרוכת) דאָס שנירל וואָס איז צוגעבּונדן צום אייבּערשטן דרום־ווינקל.]

אויפֿצ□ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן אויפֿגעצויגן פֿון עמעצן, פֿון עפּעס אַ כּוח, מיט אַ סיבּה אין אַלע בּבֿ פֿון אויפֿציִען. „עס האָט זיך אויפֿגעצויגן דער פֿאָרהאַנג, און ס'האָט זיך אָנגעהויבּן דער צווייטער אַקט“, שע, בּלאָנדזענדע שטערן 2 .II. אַרויפֿציִען זיך, צונויפֿציִען זיך אאַזוו; אויפֿהאָדעווען זיך

אאַ (אַזוי ווי) פֿון זיך, אָן אָנדײַט אויף עמעצן
אָ ער עפּעס אַ סיבּה. א, זיך אין גאַס.
אויסצ עניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער
פּראָצעס פֿון אויפֿציִען (זיך). ~ציעכ ז.
.
אויפֿצ ער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס ציט אויף; דערציִער. ספּעצ: ווער עס ציט
אויף אַ פֿרעמד קינד. דער א, פֿו אָט ,
ור. צ לן
דער א'ין פֿון אַ יתום. אויך. ־
.
א'יז־מוטער. יצחק־משה בּאַדער, היינריך,
קראָקע 1893.
אויפֿציקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געציקלט.
אויך מיט ז י ך. אויפֿשרײַבּן אָדער
אויפֿזינגען לויטן אופֿן, אָנגעוויזן בּײַ
אויסציקלען (←).
אויפֿציקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
מיטאַמאָל אָנהייבּן זינגען מיט פֿליטערלעך און
דריידלעך. א, זיך בּײַ די זמירות, אַז מע זאָל
פֿאַרגעסן אין דעם צימעס. 2. געבּערן
ציגעלעך.
אויפֿצירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿצירן. א, פֿון בנין; א, צום יום־טובֿ.

אויפֿצירן — טרוו. ציר אויף, ~געצירט. מיט
ז י ך , רעפֿל. מאַכן שיין, דעקאָרירן,
אויפֿפּוצן. א, דעם זאַל צו דער פֿאָרשטעלונג. א, זיך
ווי צו טעלער־ברעכן. „גאָט האָט גיבויאט אַן
חוה...און'...זיא אויף גיצירט“, מהמ, קעא/א.

-

אויפצירעווען

▯

אויסצירעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געצירעוועט. צונויפֿציִען מיט נאָדל און פֿאָדעם;
צונויפֿנייען פֿאַרנייען אַ לאָך. א, די
שקאַר,
פּעטקעס. א, דעם ריס אין די הײזלעך.

אויפֿצירקל — טרוו ־קל אויף, ~
געצירען .
קלט. 1. אויפֿצייכענען עפּעס אין פֿאָרעם
פֿון אַ צירקל. א אַ דיאַגראַם. 2. אויפּפּוצן.
,

אויסצעבּערן — אוטוו, אומפּ. עס צעבּערט
אויף, עס האָט ~געצעבּערט. [< עס גיסט
מיט עמערס, מיט צעבּערס]. „אין דרויסן האָט
אויפֿגעצעבּערט, ס'איז ממש אַ מבול“, רייד.
אוי ; צעזעצעניש — אַדוו פֿראַזע. דזוו אויף
צעפּוקעניש ←. „א, צ, קען ער אַלדינג און
איז נאָך צו די צרות אַ גרויסער מכניס־אורח“,
ייִל, קמ, 44 1867, No.
אויף[צעפּוקעניש — אַדוו פֿראַזע. שטאַרק
אויף צו־להכעיס; בּכדי אָנצוטאָן, ווײ צו טאָן
[עס זאָל פּלאַצן פֿון האַרצווייטיק]. „מעגלעך,
אַז זי האָט עס געזאָגט נאָר אים אויף
צעפּוקעניש“, בּערג, אָפּגאַנג. א, צ, די שׂונאים, די

־פֿאַרגינערס, די בייזגינערס, די קאָנקורענטן.
ני

אויסצערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿצערן (זיך).

אויסצערן — טרוו. צער אויף, ~געצערט.
1. אויפֿעסן. א, די אָנגעגרייטע שפּײַז.
2. אויסגעבן אויפֿן עסן און אַנדערע לעבנסמיטל. פֿאַרצערן. א, מער ווי פֿל מע פֿאַרדינט. איר: א, דער (דעם) ווײַבס ספּאָדניצע. „באַלד וועט ער האבן דאז זײַן אויף גיצערט“, ספֿר משלים, פּפּדמ 1686. 3. אויסעסן, אויפֿעסן פֿון אינעווייניק; אויסטאָטשען. "...אין צוגאָב צו אַ קענסער וואָס האָט אים אויפֿגעצערט אַ לעבעדיקן", נ. סווערדלין, טמז.

אויסצערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך אַליין אויפֿצערן אָדער ווערן אויפֿגעצערט. ניט עסן און האָרעווען איבער די כּוחות. א, זיך, ווערן הויט און ביינער.

אוי צעשפּרינגעניש — דזנו אויף צעפּוקעניש ←. „...די שׂונאים א, צ', רבש“ע“,

ש. בערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו, 1884.

-

אויסקאָדערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געקאָדערט. צעקנייטשן; מאַכן אויסזען ווי אַ שמאַטע. מיטאַמאָל אָנהייבן רײַסן. א אַ מלבוש ,

מע זאָל זיך שעמען ווײַזן אין אים פֿאַר לײַטן.

אויסקאָוועט — טרוו. ־ווע אויף, ~געקאָוועט.
1. צונויפֿקאָוועט, צונויפֿשמעלצן. א, צוויי שטיקער אײַזן. 2. פֿאַרקאָוועט, אַרויפֿשלאָגן אײַזנס, פּאָדקעוועס אאַ. א, אַ קאַסטן; א, אַ פֿערד; א, פּאָדקעוועס. 3. באַפֿרײַען פֿון זײַן פֿאַרשמידט; אַראָפּנעמען אײַזנס, פּאָדקעוועס אא. א אַ פֿערד אויף זומער.

,

אויסקאָוועןן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
ווערן צונויפֿגעגאָסן אין איין האַרט שטיק.
״דאָס גרעט האָט זיך פֿון פֿראָסט
אויפֿגעקאָוועט, געוואָרן איין שטיק אײַז,,.

אויסקאָוועניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿקאָוועןן (זיך).
אויף[קאַטאָוועס — אַדוו פֿראַזע. אויף
שפּאַס, אויף געלעכטער; ניט ערנסט. זאָגן
עפּעס נאָר א, ק'. מיינען עס ניט א, ק'.
אויפֿקאַטייען — טרוו. ־טײַע אויף, ~
געקאַ־־

478

טײַעט. רומיצ. אויך מיט ז י ך. 1. פֿירן
שפּאַצירן (אויף אַ וואָגן, שיפֿל). 2. וויגן
אויף אַרויף. א, די הוידלקע. 3.
צונויפֿוויקלען. א, דעם שינעל. 4. אויפֿפּרעסן (
אײַנפּרעסן). א, דעם וועג ער זאָל ווערן האַרט.

אויסקאַטעווען — טרוו. ־ווע אויף, ~

געקאַטעוועט. שמײַסן ביז בלוט; שטאַרק שלאָגן, פּײַניקן. א, דעם רוקן און לאָזן אויף דער ערד אַ געהלשטן.

אויסקאַטשען ־— טרוו. ־טשע אויף, ~ געקאַטשעט. 1. אויפֿוועלגערן, אויפֿוויקלען. א, מצות. א אַ רייף, א אַ פֿאַס, א אַ טיוק סחורה.

2. אַרויפֿרוקן, אַרויפֿשאַרן. א, דאָס היטל.

אויסקאַטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך: קײַקלען זיך. דאָס פֿערד קאָטשעט זיך אויף אין זאַמד. א, זיך אויפֿן בויך פֿון געלעכטער, ווייטיק אאַ.
אויסקאָכן — טרוו. קאָך אויף, ~געקאָכט.
1. קאָכן ביז צו דער נייטיקער מאָס, מדרגה; קאָכן וויפֿל מע דאַרף. א, טיי; א, וואַר(ע)מעס; א, פֿיש, זופּ אאַזוו. א, ביז 80 גראַד. א, עסן פֿאַר עטלעכע געסט. [פֿרגל: אויסקאָכן. מע קען אַלץ אויסקאָכן, און דערבײַ ניט א, געננוג וויפֿל מע דאַרף אאַ וו]. „מע האָט געמאַכט פֿײַער..., אויפֿגעקאָכט אַ גוטן ווײַן מיט אייער“, אמד, דער טויטענר גאַסט, ווילנע 1869. *א, אַ

קאַשע = א) פֿאַרפּלאָנטערן אַן ענין; בּ) אויסטראַכטן אַ פּליאָטקע פֿאַרמישן עטלעכע מענ,
טשן אין אַ סקאַנדאַל. 2. שטאַרק אויפֿרעגן, אַרײַנבּרענגען אין כּעס, אין צעהיצטקייט. א, עמעצן, אַז אַ פּאַרע זאָל גיין פֿון אים. *א, עמעצן דאָס בּלוט. „זי האָט יעדן גערייצט, אויפֿגעקאָכט דאָס בּלוט“, פּרץ, 'ווענוס און שולמית'. אויך אוטוו — ווערן צעהיצט, אויפֿגערעגט, שטאַרק אין כּעס. „[יענעמס] פּנים האָט ער נישט געקאָנט זען אָן דעם, ס'זאָלן אים נישט א אַלע געבּליטן“, שע, בּלאָנדזענדע

,

שטערן I פֿלעגט אין מיר א, דאָס בּלוט

. „..

פֿ -ר פֿאַרדראָס“, יק.

א

אויסקאָכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן פֿאַרטיק דורך קאָכן. דער וואַרמעס האָט זיך אויפֿגעקאָכט. 2. זיך שטאַרק אויפֿרעגן. „סײַ די, סײַ יענע זאָגן ליגן! — האָט זיך צמח געגעבּן אַ קאָך אויף ווי אַ פֿאַרבּיטערטער חולה“, חג, ישיבֿה.

אויסקאָכעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקאָכן (זיך). אַ
היצעניש, אַן א, — אָט באַלד וועט זײַן אַ
געשלעג.
אויפֿקאַלאָטשען — טרוו. פֿאָרמען ←
אויסקאַלאָט(ש)ען. אויך: ~קאַלאַקאָטשען.
אויפֿמישן, צעמישן; אויפֿטרייסלען. א, ס'
וואַסער אין ריטשקע, מאַכן מוטנע.
אויפֿקאַלויצען וו. ־צע אויף, ~
געקאַויטען. ← דפֿוו. ספּעצ:
— ט
לויצעט. אויך: ~קאַ
מאַכן מוטנע. „ס'האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ קינד
און אויפֿגעקאַלויטעט די שטילקייט“, א.
קאַהאַן, אַהרן ליבערמאַן.
אויפֿקאַלופּען — טרוו. ־פּע אויף, ~
געקאַלופּעט. אויפֿעפֿענען דורך קאַלופּען (←
אויסקאַלופּען). א, קאָרע פֿון אַ בוים. א, אַ וואונד.
אויף קאַלט — אַדוו פֿראַזע. אויך: 1. אין

-

לשון פֿון יוגנטלעכע. רואיק, ניט אויפֿגערעגט,
גלאַטיק. אַרײַנזאָגן, אָפּטאָן, אָפּשפּילן,
אונטערשטעלן אַ פּיסל א, ק'. 2. וואוילױונגעריש.
מע זאָל בלײַבן ליגן, אָן באַוועגונג, טויט.
אַוועקלייגן עמעצן א, ק'.
אויפֿקאַלכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקאַלכן (זיך).
אויסקאַלכן — טרוו. קאַלך אויף, ~געקאַלכט.
אויפֿשמירן, אויפֿפֿאַרבן מיט קאַלך; אויפֿווײַסן.
א, די כאַטע אויף זומער.
אויסקאַלכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
צונויפֿבינדן זיך מיט קאַלך. אַ שפּאַלט אין ביין וועט
זיך א'.
אויסקאָמאַנדעווען —, אוטוו. ־עווע אויף,
~געקאָמאַנדעוועט. מיטאַמאָל אָנהייבן
טומלען, שרײַען, מאַכן קונדייסישע שטיק. א, אין
שטוב, איבערקערן אַלץ האָרע־קאָרע.
אויסקאָמטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געקאָמטשעט. סל. אויפֿקאָרטשען, צונויפֿדריקן,
צונויפֿקוועטשן. א אַ טיכל. א אַ מלבוש,
, ,
מאַכן עס ווי אַ שמאַטע.

אויסקאַמען — טרוו. קאַם אויף, ~געקאַמט.
לר. דזוו אויפֿקעמען ←.
-

אויסקאָמפּאַנירן — טרוו. ־ניר אויף, ~
געקאָמפּאַנירט. אויך: ~קאָמפּאַניען.
צונויפֿפֿירן, צונויפֿברענגען אינאײנעם (אין איין
קאָמפּאַניע). „אין האַרצן האָב איך געשאָלטן מײַן
ביטערן מזל וואָס האָט מיך אויפֿגעקאָמפּאַנירט
מיט אַזעלכע משונהדיקע און דאָקוטשליווע
נפֿשות“, ממוס, 'שם און יפֿת'. מיט ז י ך =
זיך צונויפֿחבֿרן, סקאָמפּאַנייען זיך. „שלאַק
און צרה האָבן זיך אויפֿגעקאָמפּאַניעט צום
טאַנץ און באַשטעלט שלימזלען, ער זאָל זײַן
דער קלעזמער“, פּוול.

אויסקאָמפּאָנירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־
קאָמפּאָנירט. צונויפֿשטעלן, צונויפֿזעצן;
מחבר זײַן, אָנשרײַבן. א, אַ פּאָפּורי פֿון ייִדישע
מעלאָדיעס. “פֿאַר דיר האָט זי
אויפֿגעקאָמפּאָנירט וואָס ניט געשטויגן און ניט געפֿלויגן“,

נדאָר, ניַער בש, 1887.
לי

אויסקאַנטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געקאַנטעוועט. 1. מאַכן עס זאָל האָבן בולטע קאַנטן. א, אַ לײַלעך. 2. שטעלן אויף אַ קאַנט. א אַ קאַסטן מע זאָל אים קענען אויפֿהייבן ,

מיט אַ שסריק.

אויפֿקאָנטראָלירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע־ קאָנטראָלירט. קאָנטראָלירן אויבנאויף, ביז נייטיקער מדרגה. א, כאָטש אַ טייל פֿון חשבון.

אויסקאָנסיסקירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקאָנפֿיסקירן.

-

אויסקאָנסיסקירן טרוו. ־יר אויף, ~ קאָנפֿיסקירט. צונויפֿנעמען דורך קאָנפֿיסקירן (לויט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון אַ מאַכט). א, (אַ באַרג) קאָנטראַבאַנדע.

אויסקאַסירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקאַסירן.

אויפֿקאַסירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)קאַסירט. צונויפֿקלייַבן, אויפֿמאָנען געלט, חובֿות אע. א, מיטגליד אָפּצאָל. א, די בעבֿור־שנדרס.

-

-

אויסקאָסען — טרוו. ־סע אויף, ~(גע)קאָסעט. אויך: ~קאָשען. שנייַדן מיט אַ קאָסע (ווייַל עס איז נייטיק). א, היי ביז די רעגנס.

-

אויפֿקאַסערן

-

אויסקאַסערן — ← אויפֿקאַשערן (ווב שקליאַר
 . ראָכקינד).
או
אויסקאָפּטשען — ־טשע אויף, ~
געקאָפּטשעט. אוטוו — אָנהייבן רייכערן. דאָס
לעמפּל קאָפּטשעט אויף. טרוו — 1. מאַכן עס
זאָל ווערן פֿאַררייכערט. א, די ווענט ווי אין
קוזניע. 2. אויפֿוויאָנדזלען, אויפֿרויכערן. א,
אַ זײַטל פֿלייש.

-

אויסקאָפּטשען זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
באַדעקט מיט סאַזשע. די ווענט האָבן זיך
אויפֿגעקאָפּטשעט, זיי זײַנען שוואַרץ ווי קויל.

-

אויסקאַפּען — ־פּע אויף, ~געקאַפּעט. טרוו —
אויפֿטריפֿן, אויפֿגיסן אַ פֿליסיקייט טראָפּנווײַז.
א, עטלעכע טראָפּנס פֿון אַ רפֿואה אין אַ
טיילעפֿעלע מיט וואַסער. אוטוו — (סאָוו) מסרן.
א, אויף עמעצן פֿאַר ען־קאַ־ווע־דע.

אויסקאָפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~געקאָפּעט.

1. אויפֿגראָבן. „ער האָט עס דווקא געוואָלט
א, און צוריקפֿירן דעם ברודער“ פּמ. 2.
אויפֿ,
זוכן, אַרויסבאַקומען (אַזש פֿון אונטער דער
ערד). „זאָל איך א, די אייער?“ [זיי אַרויסנעמען
פֿון אונטער דער קוואָקע], הגדה פֿון יעקינא,
וואַרשע 1881. „אַנדערע וואַרפֿן מיך אַוועק און
דו האָסט מיך אויפֿגעקאָפּעט“, [פֿש י]. מיט
ז י ך = 1. אויסגעפֿונען ווערן. דער סוד האָט
זיך אויפֿגעקאָפּעט. 2. מאַכן לאַנגע הכנות,
מאַכן שהיות. א, זיך צו דער אַרבעט ווי אַ
נ ד צו אַ קרענק.
י

אויסקאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿקאַפּען.
אויפֿקאָפּעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿקאָפּען (זיך).
אויפֿקאַקן (זיך) — ← אויסקאַקן (זיך). וואול.
במקום־וואָרט פֿאַר אַ צאָל ווערבן מיט אויפֿ־.
אויפֿקאַקעניש — דאָס (די), ־ן. 1. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿקאַקן (זיך).
2. (וואול, איר) גרויסע געשעעניש. אַן אויפֿטו,
אַ שׂמחה אע.
אויפֿקאַראַבקען זיך — אוטוו. ־קע זיך

אויף, זיך ~געקאַראַבקעט. אויך: ~קאַראַס—
קען זיך. אויפֿדראַפּען זיך, אַרויפֿקריכן מיט
די הענט און פֿיס. א, זיך אויף אַ הויכן בוים
אַזוי ווי אַ מאַלפּע.

אויפֿקאַראַבקעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויפֿקאַראַבקען זיך.

אויפֿקאַרבן — טרוו. קאַרב אויף, ~געקאַרבט.
אײַנשנײַדן צייכנס, פּאַסן; אויפֿשנײַדן;
אויפֿקריצן; אויפֿשטשערבען. א, סימנים אויף די
מילכיקע און פֿליישיקע כּלים.

אויסקאַרגן — טרוו. קאַרג אויף, ~געקאַרגט.
צונויפֿשפּאָרן דורך קאַרגן. „געקאַרגט אַ לעבן
לאַנג און אויפֿגעקאַרגט אויף תּכריכים“.

אויפֿקאָרטשעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויפֿקאָרטשען (זיך).

אויפֿקאָרטשע(נע)ן — טרוו. ־טשע אויף,
~געקאָרטשעט. 1. אויפֿקנייטשן, אויפֿדרייען;
צונויפֿבייגן. א אַ בגד ווי אַ שמאַטע. *א אַ

, ,

צורה = מאַכן גרימאַסן. *א, דעם נאַר =
נאָכמאַכן אַ נאַר, אַ פּאַ אַץ; פּאַיאַצעווען.

י

2. אויסגלײַכן וואָס איז אײַנגעקאָרטשעט. א,
און אויפֿפּרעסן אַ טיכל. א אַ פּוס נאָכן זיצן.

,

אויפֿקאָרטשע(נע)ן זיך — אַנטוו. ← דפּוו.
זיך אײַנשרומפּן; זיך אויפֿדרייען; זיך
אײַנהויקערן; זיך צונויפֿקנוילן. א, זיך פֿון פֿראָסט,
פֿון ווייטיק. א, זיך און ווערן האַלבּ די גרייס.

▯

אויסקאָרמען — טרוו. ־מע אויף, ~
געקאָרמעט. געבן שפּײַז אין דער נייטיקער מאָס.
אויפֿהאָדעווען, אויפֿציִען. א אַ שטוב קינדער

,

און להבֿדיל אַ שטאַל מיט קי און פֿערד.

▯

אויסקאָרמען זיך — אוטוו. ← דפּוו. ווערן
אויפֿגעהאָדעוועט מיט גענוג שפּײַז פֿון די

.

קעלבּלעך האָבּן זיך אויפֿגעקאָרמעט פֿעטע קי.

אויסקאָרמעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
. אויפֿקאָרמען (זיך).
פֿו
אויסקאָרפּען —, טרוו. ־פּע אויף, ~
געקאָרפּעט. וורר, אוקר. סל. אויפֿקדאַצן,'אויפֿגראַבלען,
אויפֿריִען; אויפֿרודערן. א, בּרוד פֿון אַ בגד;
א אַן ענין, אַ גאַנצע געשיכטע. אויך: ~
קאַר,
פּע(נע)ן.
אויפֿקאָרפּען זיך — אוטוו. ← דפֿוו דזוו
אויפֿקאָפּען זיך ←.
אויסקאָרקעווען — טרוו. ־ווע אויף, ~
געקאָרקעוועט. אויך: ~קאָרקן. אַרויסציִען
דעם קאָר(י)ק. א אַ פֿלאַש ווײַן. א, ווײַו און
,
מעד. אויך מיט ז י ך = פֿון זיך אַליין. „די
פֿלאַש האָט זיך אויפֿגעקאָרקעוועט און דאָס
סאָדעוואַסער האָט גענומען שיסן אַרויף„.
אויפֿקאַשערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געקאַשערט. אַרויפֿקאַשערן, פֿאַרקאַשערן,
אַרויפֿשאַרן, אַרויפֿרוקן. א, די פּאָלעס און לאָזן זיך

הענדום־פענדום. א, די הויזן און בראָדזיען
אין וואַסער. א, די אַרבל בײַ אַן אַרבעט. מיט
ז י ך — פֿון זיך אַליין. „ס'האָט זיך בײַ דיר
־

אויפֿגעקאַשערט אַ הויז, לאָז אים אַראָפּ“, רייד.
אויפֿק בֿרן . — [...קוי'ווערן] אַרכ. מיי.
אויסגראָבן פֿון קבֿר. „איזהו ימי, דער נאָך האָט
מאַן זיא ביגזלת אונ, אירי תּכריכי, אויז
גיצאָגין. איזט זיא צו חלום גיקומין אונ, עז מגלה
גיוועזין האָט מאַן זיא אויף קובֿר גיוועזין
אונ, זאלכיש ביפֿונדין“, גה, 35. [אין ציטאַט
קומט צו דער קאָנווערב אויפֿ־ צו אַ
צונויפֿגעזעצטן ווערב, און דאָס איז ניט מעגלעך.
עס איז יאָ מעגלעך — און אין גײַסט פֿון
מי. אַנשטאָט קובֿר זײַן ק וֹ בֿ ר ן און צו
ו —.
דעם ווערב זאָל צוקומען אויף. עס וואָלט
באדאַרפֿט זײַן: אויפֿגעקוברט.]
אויפֿקודלען — טרוו. ־דל אויף, ~געקודלט.
אויפֿשויבערן, אויפֿפּאַטל(י)ען. א, (אַ
קוטשמע) האָר ווי בײַ אַ ווילדן. מיט ז י ך =
ווערן אויפֿגעשויבערט. א, זיך אין גאַנצע
קאָלטענעס.
אויפֿקודלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אויפֿקודלען (זיך).

אויפֿקוואַטש — טרוו ־קע אוי .

אויפֿקען .

~ ,

געקוואַטשקעט. אויך מיט ז י ך.

קנעטן עפּעס וואָס איז ווייך. פֿרגל

אויסקוואַטש(ע)ן. „די קינדער 'באַקן'; זיי קוואַטשקען אויף

זאַמד מיט וואַסער“. 2. שלעכט טאָן עפּעס

מיט וואַסער, מיט טייג. א, וועש = שלעכט

אויסוואַשן; א, חלות = זיי שלעכט

אויספֿורעמען פֿון ניט גענוג אויפֿגעגאַנגענעם טייג.

אויפֿקוואַטשקעניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אויפֿקוואַטשקען (זיך).

-

אויפקוועטשעניש

אויפֿקוואַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

ר זולטאָ ן

— אוטוו. קוואַל אויף, ~

געפֿון אויפֿקוואַלן.

אויסקוואַ

קוואַלט, ~געקוואָלן. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן

קוואַלן, פֿליסן, שטראָמען, פֿלייצן. נאָכן גוסרעגן האָט דאָס פֿאַרטריקנטע ריטשקעלע אויפֿגעקוואַלט. 2. אַרויסקומען פֿון אונטן (וועגן וואַסער). עס קוואַלט אויף וואַסער אין ברונעם. 3. אַרויסקומען מיט אַ שטראָם. דאָ וועט זיכער אַ, נאַפֿט. 4. אויפֿקומען, אַרויסקומען פֿון אינעווייניק. האָפֿענונג, פֿרייד, חרטה, תּשובֿה קוואַלט אויף.

אויפֿקוואַלעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿקוואַלן.

אויפֿקוואָק(טש)ען — אוטוו. קוואָק(טש)ע אויף, ~געקוואָק(טש)עט. 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן קוואָקטשען, אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן הינער). די הון האָט אויפֿגעקוואָקטשעט פֿאַרן לייגן אַן איי. 2. אויפֿקרעכצן, אויפֿזיפֿצן (געוויינטלעך וועגן אַלטע לײַט).

אויסקוואַקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געקוואַקעט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן פֿרעש). א, ווי אַ זשאַבע.

אויסקוויטשען — ־טשע אויף, ~
געקוויטשעט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אַרויסלאָזן אַ
קוויטש, שאַרפֿע קולות. א, ווי אַן אָפּגעבּרר.
טער. אַרויף דעם הינטל אויפֿן פּיסל, און דאָס
הינטל האָט אויפֿגעקוויטשעט. „...האָט ער אים
אַזאַ שאַרפֿן קנייַפּ געטאָן אַז דאָס ייִנגל האָט
אויפֿגעקוויטשעט פֿון ווייטיק“, ייִט, טאָג, ▯ 27
.19▯1

▯

אויסקוויטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿקוויטשען.

-

אויסקוויקן — טרוו. קוויק אויף, ~געקוויקט.
אויך מיט ז י ך. דערקוויקן; אויפֿפֿרישן;
אויפֿמונטערן, אויפֿלעבּן. א, דאָס האַרץ מיט אַ
בּיסעלע איינגעמאַכטס (מיט אַ שנעפּסל). א,
זיך מיט אַ גוטער בּשׂורה.
אויפֿקוויקעניש — דאָס (די), ־ן. 1.

פּראָצעס פֿון אויפֿקוויקן. 2. מיטל אויפֿצוקוויקן.
זאַפֿט, וואַרעניע, אײַנגעמאַכטס. „דאָס איז ניט
אַ ליקער, ס'איז אַן א'", רייד ־קעכ ן.
.

-
אויסקוועטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקוועטשן (זיך).

-
אויסקוועטשן — טרוו. קוועטש אויף, ~
געקוועטשט. 1. אויסקוועטשן, אויספּרעסן,
אויסדריקן וויפֿל עס איז נייטיק. א, זאַפֿט פֿון
טרויבן. א, אַ גלעזל מאַראַנצן־זאַפֿט. 2.
צינויפֿקוועטשן, צונויפֿפּרעסן. א, די פּאַסאַזשירן
ווי הערינג אין אַ פֿעסל. א, אַ פּאָר מנינים אין
פּאָליש. "מע נעמט אַ גרויסע שטיק וואַטע,
קוועטשט דאָס אויף ווי אַ פּילקע, פֿאַרוויקלט...,,,
ש. שפּיראָ, קליידער־פֿארבערײַ, וואַרשע 1900.
3. ארויפֿקוועטשן. א, אויף עמעצנס ענגע שיך.
אויפֿקוועטשן זיך — ← דפֿוו. ספּעצ:

1. קזוו. זיך צונויפֿדריקן. זיך א, אין וואַגאָן; זיך א, אין אַ ווינקעלע. 2. אײַנשפּאָרן אויף דאָס וויכטיקסטע. א, זיך און שיקן די קינדער אין שול.

אויפֿקוועטשעניש — דאָס (די), ־ן. פּראַצעס אָדער מצבֿ פֿון אויפֿקוועטשן (זיך).

אויפֿקווענלן

אדיפֿקוועלן — אוטוו. קוועל אויף, ~געקוואָ־לן. מיטאַמאָל, פּלוצלינג האָבן נחת. איבערלעבן פֿרייד; אָנקוועלן. א, פֿון ועם קינדס חכמה און אויפֿשײַנען.

אויסקוטשען — טרוו. ־טשע אריף, ~גע־קוטשעט. אויך: ~קוטשקען. 1. צונויפֿשאַרן, צונויפֿלייגן אין איין הויפֿן. א, די קאַרטאָפֿליעס. א, בראָכוואַרג, אײַזנוואַרג. א 2. אויפֿשאַרו קופּקעלעך ערד, אונטערשיסן. א, די בייטן, דאָס גאָרטנוואַרג זאָל בעסער וואַקסן.

אויסקוטש(ק)ען זיך — ← דפֿוו. צונויפֿקלײַבן זיך אין איין בינטל; צונויפֿשטיקן זיך. „געזייט דעם גערשטן שיטער, די הינער זאָלן זיך ניט אויפֿקוטשקען און [זיך] שלאָגן“, ח. פּעט, אַ הויז אויפֿן פֿעלד.

אויסקוטשקעניש — דאָס (ד), ־ן. 1.
פּראַצעס פֿוו אויפֿקוטשקען (זיך). 2. גרויסע
ענגשאַפֿט.
אויסקדיף — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿקויפֿן. דער א, פֿון סחורות. 2. סכום פֿון
אויפֿגעקויפֿטע זאַכן. גרויסער א'.

אויסקויסן — טרוו. קויף אויף, ~געקויפֿט.
1. (צונויפֿ)קויפֿן (צו בּיסלעך) פֿון פֿאַרשיידענע
פֿאַרקויפֿערס. „...ער מיט זהבֿ גיהאנדילט אונ,
הרומיר גילאפֿין [= אַרומגעלאָפֿן] מבּית לבּית
אויף גיקאפֿט„, גה, 69. „זײַן...געשעפֿט איז
געווען מיט שאָפֿענע פֿעלכלעך, וואָס ער
פֿלעגט א, אין די דערפֿער„, ספּ, סודות. „א,
אַלטע שמאָכטעס אויף אויקציאָנען און
דערנאָך פֿאַרקויפֿן זיי...אויפֿן יאַריד“, זש,
שקלאָווער קינדער. „ער האָט געהאַנדלט מיט שטרוי
פֿלעגט א, שטרוי בּײַ פּויערים נאָכן דרעשן„, א
מוק, מײַנע בּאַגעגענישן.
2. קויפֿן אויף ספּעקולירן, מער וויפֿל מע
דאַרף אַליין. „זאָל קיינר ניט טערין אויף קויפֿן,
דז ער וואָלט עש ווידר פֿאַר קויפֿן כּדי להרויח

בהן,,, תּקק. 3. קויפֿן אַ סך; קויפֿן כּדי אָנצוגרייטן מאַטעריאַל. ,,א, אַ באַרג און עס שלעפּן אויפֿן קאַרק,,, פֿוול. ,,דער שמיד זאָל קענען געגוג אײַזן א, אויף זײַנע אַלטע יאָרן צו האָבּן גענוג...אויסשלאַק צו זײַן אַרבּעט", ליאָנדאָר, נײַער בּש, 1844. ,,איך וויל פֿאָרין קען גאַליץ, וויל לקריץ אויף קויפֿן", שו,,ת מ את בּנימין, קראָקע, 1633 [הש]. 4. בּכלל קויפֿן, אָפּקויפֿן. ,,...אויפֿצוקויפֿן פֿאַר אַ שפּאָט געלט", ממוס, ווינטשפּ.

-

אויסקויסעכץ — דאָס, ־ן (־ער). אויפֿקויף, אויפֿקויפֿעניש (אויך איר, מיט בּיטול).
אויפֿקויפֿעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿקויפֿן.

אויסקויסער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿקויפֿן (און דערנאָך פֿאַרקויפֿן). ,,די דאָזיקע סחורה פֿלעגט דערנאָך דורך גרעסערע סוחרים, א'ס, צעפּירט ווערן אין אַלע ליטווישע שטעט,,, ממוס, שלמה. ,,נאָר די קליינע א'ס ווען אַרומלויפֿן ווי פֿאַרסמטע

און נאָר קויפֿן און קויפֿן", ווײַס, 'קליינע שטעטלעך'.
אויפֿקויפֿערין'.ערקע — די, ־ס. ייִדענע וואָס קויפֿט אויף בײַ פּויערים אין מאַרק עופֿות, אייער, פּוטער אאַ און טראָגט איבער די הײַזער צו פֿאַרקויפֿן.

480

דיפֿקויקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געקויקלט. 1. צונויפֿקויקלען; צונויפֿוויקלען. א, אַ קנויל פֿאָדעם. 2. אַרויפֿקויקלען. א אַ פֿאַס אויף

,

אַ וואָגן. פּפֿ: ~קײַקלען.
ויפֿקויקלען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.
אויך: ראַנגלען זיך מיט עמעצן. ס'איז ניט קיין געשלעג, די קינדער קויקלען זיך אויף.
ויפֿקום — דער, ־ען (זן). 1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אויפֿקומען. אַנטשטייאונג. די סיבה פֿון דעם א'. א, פֿון קלאַנג, פֿון ענערגיע. א, פֿון באַוועגונג. „די פֿראַגע וועגן א, פֿון די נאַציאָנאַלע מערבֿ־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן..", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער .II
2. אָפּשטאַם. אַ מענטש פֿון פֿײַנעם א,, פֿון

יחוסדיקן א'. 3. הצלחה; געזעלשאַפֿט עכער אַרויפֿשטײַג. האָבן אַן א, אין די מלחמהיאָרן. ווער קען שאַצן זײַן א'! 4. פֿטמ. מאָדע, נײַס אין קליידונג, אין טראָגן די האָר. „די קרינאָלינע איז געווען אַן א, אין מײַן עלטערבאָבעס צײַטן“.

5. אויפֿבלי, פֿונאַנדערבלי; רענעסאַנס. דער חלום פֿון נײַעם א'. „ווערטער, אויסגעפּײַניקטע אין מאַטער, אויסגעשענדיקטע! הייבט אָן פֿאַרנעמען אײַער א, אײַער אייגענעם, דעם פֿלאַטער פֿון נײַע ריחות און פֿון נײַע נעמען“, הל, 1930. „דער שלום־סאָנעט מאַכט...אַ סךהכּל סײַ פֿון אומקום־רעאַליטעט סײַ פֿון דער א,־וויזיע„, שנ, ה. לייוויק. 6. אויפֿגאַנג, אַנטשטייאונג מיט כּוח, מיט אימפּעט. „אַ ריזיקער שטראָם...אַן א,...וואָס האָט זיך דורו צוים און דורך גרענעץ געריסן„, סעג, איצטער.

ויסקומען — אוטוו. קום אויף, בין ~ געקומען [וועגן ה אָ ב ← אויסקומען אוטוו]. 1. אַנטשטיין, אָנהייבן זיך; שאַפֿן זיך, ווערן. אַ נײַע אידיי(ע), אַ נײַער דור קומט אויף;

דער קלאַנג קומט אויף דורך קלאַנג־כוואַליעס. ,,אָבּר איצונדר האָט איין איטליכר איין מחזור פֿר זיך אונ איין סליחה פֿר זיך, דז מאַכט דר וייל דר דרוק איז אויף גיקומן,,, לט, 1/14.

2. אויפֿכאַפּן זיך, אויפֿשטיין פֿון שלאָף [אין לד נבּ]. א, פֿון שלאָף. א, [אָן שום צוגאָ] = אויך: אויפֿשטיין פֿרי. ,,איך בּין אויש דעם שלאָף אויף גיקומן", 'שו"ת מהרש,,ל,, לובּלין 1599 [השׁ I]. ,,דאָס קינד אין דער מולטער קומט אויף און צעווײנט זיך", אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

3. צוקומען. ,,איך האָבּ אים גערופֿן, איז ער אויפֿגעקומען,,, רייד. (פֿר). א, אויף דער בּינע, בּימה. ← בּ7.

4. אויפֿשטעלן זיך. ,,אַז מע רופֿט אויס דעם נאָמען, דאַרף מען א"", רייד (פֿר). "עס זענין שון אויף גקימן אירי קינדרליך", מס, משלי תּקע"ד, לא, 28 ['קמו בניה,; תּי: שטייען אויף].

5. אויפֿוועקן זיך פֿון חלשות, פֿון הינערפלעט, פֿון אַ קאָמאַ; אויפֿשטיין פֿון אַ קראַנקייט. ,,זיי זיינן חלשות גיפֿאלן...וויא זיא נון אויף קומן...,,, לט1, 1/152. ,,זיי זײַנען ווי דורך אַ נס אויפֿגעקומען פֿון דער שווערער

קראַנקייט,,, מעצקער.

6. אַרויסקומען פֿון פֿאַרחלומטקייט, פֿאַרטראַכטקייט; ווערן וואַך מיט אַלע חושים. ,,ער

אויפקומען

האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט...האַלבֿ אויפֿגעקומען פֿון אַ חלום“, אָפּאַ, פּויליש נ וועלדער. ,,אָט אינמיטן דער פֿאַרנאַכטונג אויפֿגעק מען פֿון פֿאַרטראַכטונג איז דער זייגער מיט אַ ציטער“, אַלף כּץ, חלום עליכם.

7. אַרויפֿקומען (פֿון אינעווייניק אַרויפֿצו). אַ קאָפּ איז אויפֿגעקומען פֿון וואַסער. ,,עס קומען אויף אין זכּרון די פֿאַרגעסענע יאָרן“. ,,שלעכטע מחשבֿות זענען מיר אויפֿגעקומען אויף די געדאַנקען“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,...,קומען פֿון דער שטילקייט אויף אַלע מיליאָנען באַשעפֿענישן“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. ,,דער נאַר בײַ אים קומט אויף פֿון די פֿיס פֿאַרוואָס פֿון די פֿיס? — קיין קאָפּ

. —- .

Iהאָט ער ניט!“, פֿוול.

8. אַרויסקומען, באַװײַזן זיך. עס קומען

אויף פֿירערס־פֿאַרפֿירערס. „וואו קריג, מחלוקת — קומען אויף מענטשלעך אַזוינע, דער שוואַרציאָר ווייסט ווער זיי זענען„, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרה„.

9. זײַן אַ רעזולטאַט פֿון עפּעס. „וואָס קומט אויף פֿון אַלע באַמיאונגען?‟ „נאָר אחד מני אלף טרעפֿט זיך וואָס קומט אויף פֿון אַזאַ [ד]ערציאונג„, קמ, 47 1867, No.

1O. אויסוואַקסן, אַרויסוואַקסו; צײַטיק ווערן. „ווײַנשל קומען אויף...נישט אַלע אויף איין מאָל‟, שע, פֿונעס יאַריד. „שפּעטער, אַז עס קומען אויף די קאַווענעס...מאַכן מיר נאָו מער ביזנעס‟, שע, מאָטל II. „אַ גרויס פּע ד וואו יִדישע האָפֿענונגען בליִען...שפּרײַזט אַ נאַר...און צעטרעט אַלע האָפֿענונגען...נאָר איידער זיי זײַנען אויפֿגעקומען„, פה, פֿון ווײַטע לענדער.

11. אָפּשטאַמען. א, פֿון גרויס יחוס, פֿון אַ פֿײַנער משפּחה. א, פֿון די דרײַ פֿאען [= פֿייען: פֿליישער, פֿישער, פֿורמאַן].

12. אָנהייבן זיך, ווערן און זיך אויסשפּרייטן. אַ נײַער פֿיר קומט אויף. ווען איז אויפֿגעקומען דער מנהג? „זינט דאָס שטאַרבן איז אויפֿגעקומען — איז מען מיטן לעבן ניט

זיכער,,, שוו.

13. אַרײַנקומען אין דער מאָדע. ,,עס זײַנען אויפֿגעקומען קורצע האָר, אָבֿער דער שׂכל איז דערפֿון ניט לענגער געוואָרן“ [אָנצוהערעניש אויף דעם ווערטל וועגן פֿרויען: לאַנגע האָר — קורצער שׂכל]. ,,הײַ־יאָר זײַנען אויפֿגעקומען קירצערע קליידלעך,,, רייד.

14. קומען צו אַ שטאַנד, זיך שטעלן אויף די פֿיס; ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק; ווערן רײַך. ,,(אַז) אַ גבֿיר קומט אָפּ און אַן אָרעמאַן קומט אויף — איז נאָך ניט גלײַך“, שוו. ,,און, בעלי זצ“ל איזט נאָך איין יונגיר מאַן גיוועזין, און, זענין ערשט אויף גיקומין“, גה, 144. ,,אַנדערע...קענען ניט א, פֿון דער מלאָכה, וואַרפֿן זיי זי גלאַט אַוועק און לעבן פֿונעם ווינט,,, ארז, קמ, 1867 31 ,No. ,,וואָס דען? פֿון דעם מאַנס פֿאַרדינסטן קען מען א,?“, קאַלמוס, זעלטענע בריוו, וואַרשע 1882. ,,דאָס אומגליק מײַנס... שטייט מיר אין וועג און לאָזט מיך נישט א,,,, ממןס, קליאַטשע. ,,אדרבא, איך האָב אַ האָפֿענונג, אַז הײַנט אם ירצה השם באַדאַרף איך ערשט א,“, שע,

אויפֿקומען זיך

מנחס־מענדל. ,,ער האָט זיך פֿון א', רײַך ווערן,
לאַנג מייאש געווען,,, אר, 'דער שלאָפֿראָק,.
15. קומען צו אַ מצבֿ פֿון גליק, נחת.
- א, אין נחת. דאָס האַרץ קומט אויף =
וואַקסט אין גליק. ,,ער קוועלט, ער ווערט
פּטור די זאָרג פֿון דער וועלט. אַצינד ערשט
קומט ער דאָס אויף אין פֿריידן, ער פֿילט ערשט
דעם תּענוג פֿון גן־עדן", עט, לידער. ,,אַלע וואָס
קומען אַראָפּ אין גיהנם קומען אַרויס, חוץ
דרײַ קומען קיינמאָל ניט אויף,,, אור עולם,
ח"א, נעתּק ע"י ר, יtראל ממינסק, ווילנע 1865.
16. אויפֿבלײַען, פֿונאַנדערבלײַען, איבערלעבן
באַנײַאונג, רענעסאַנס. דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט
א, אומעטום. "די מאָדערנע קונסט קומט אויף
ניט ערגער ווי די קלאַסישע".
17. פּר, גאַליציע. אויסקמען מיט מענטשן;
זיך פֿאַרטראָגן. זיי קענען ניט א, צווישנאַנאַנד.
אויפֿקומען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
צונויפֿקומען זיך, צונויפֿקלײַבן זיך, צונויפֿטרעפֿן זיך.
א, זיך אויף אַ פֿאַרזאַמלונג.
אויפֿקומעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקומען (זיך). 2.
אויסקומעניש, חיונה. "קהל זענען מחויבֿ צו געבן

די מלמדים עסן און טרינקען און אַלע זייערע
באַדערפֿענישן. און דאָס קהל וואָס טוען אַזוי
איז וואויל צו זיי און וואויל צו די מלמדים וואָס
ב גערן מערניט נאָר זייער א'", לט2, 2/86.
אויסקונצעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געקונצעוועט. (אויפֿ)טאָן אויף אַ קונציקן אופֿן.
א, אַ שטיקל אַרבעט, מע זאָל זיך מיט דעם
אַ ומטראָגן אויף חידושים.
אויסקופּען — טרוו. ־פּע אויף, ~געקופּעט.
צונויפֿנעמען אין אַ קופּע. א, זאַמד, זשוויר.
אויפֿקוצעראַכען — טרוו. ־כע אויף, ~
געקוצעראַכעט. פּעיאָ. אויפֿפּאַרטאַטשען,
אויפֿטאַנדעטעווען. א אַ שטיקל אַרבעט.
,

אויסקוקן — אוטוו. (טרוו, זן). קוק אויף;
~געקוקט. קוקן ווי געהעריק; אַכטונג געבן.
א, אויף דער באַלעבאַטישקייט, אויף די
קינדער.

אויסקוקען — אוטוו. ־קע אויף, ~געקוקעט.
מיטאַמאָל, פּלוצלינג מאַכן קו־קו. די קוקאַווקע
האָט אויפֿגעקוקעט. אַזוי אויך: ~
קוקוריקען (וועגן אַ האָן).
אויפֿקוקער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס קוקט אויף, אויפֿפּאַסער. „וואָס איז ער
מיטאַמאָל, ווי אַ נישט־גוטער, אויסגעוואַקסן
אין טונקעלן קאָרידאָר, מעשׂה א, אָדער אַ
שפּיאָן?“, בּ. רעסלער, טאָג, 1960 III י 6. „האָט
זיך דערווײַל...געפֿירט אָן אַן א'“, דאָס
מערדערישע ווײַב, פֿון א. י., לובלין 1875.
אויפֿקורירן — טרוו. ־יר אויף, ~געקורירט.
אויך מיט ז י ך. אַ בּיסל קורירן, היילן.
„מע קען אים א, אָבער ניט אינגאַנצן געזונט
מאַכן„, רייד.
אויפֿקורען — טרוו. ־רע אויף, ~געקורעט.
סל. אויפֿהייצן, אונטערהייצן און אָנמאַכן אַ
רויך, אַ טשאַד. א, אַ טשאַד דערשטיקט צו
ווערן. מיט ז י ך = בּרענען אַ לענגערע צײַט
מיט אַ רויו אָדער טשאַד. „נאַסע שײַטן קורען
זיך אויף; עס איז טאַקע אַ רויך, אָבער עס
איז געוואָרן וואַרעמער“.

-

אויסקושן —. טרוו. קוש אויף, ~געקושט.
געאָל. אויפֿוועקן מיט קושן. א, די שלאָפֿנדיקע
בת־מלכּה. „נאָר ווייס דען אַ פֿידל איר ניגון,
קוים האָבן איר טיפֿקייט ניט אויפֿגעקושט
פֿינגער ווי רעגנס?“, סוצ, געהיימשטאָט.
אויסקיטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געקיטעוועט. צונויפֿקלעפּן מיט קיט. א אַ שויבֿ,

,

אַ פֿענצטער.
אויפֿקייטלען — טרוו. קייטל אויף, ~
געקייטל□ט. 1. אָפּקייטלען, אַראָפּנעמען פֿון קייטל.
„און ווען דער שוויַגנדיקער קוטשער וועט
צופֿאָרן מיט פֿערד און וואָגן און א, פֿאַר מיר
דאָס טירל...“, ראָלניק, 'צום שטערן נויד'.

2. צונויפֿקייטלען, צונויפֿהעפֿטן,
צונויפֿפֿעסטיקן. „די מענטשן פֿון דער עדה זײַנען
צונויפֿגעבֿונדן און אויפֿגעקייטלט מיטאַנאַנדער„,
בעל־מחש וּת I.
אויפֿקיילעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אויפֿקײַלעכן.
אויפֿקײַלעכ(יק)ן — טרוו. קײַלעכ(יק) אויף,
~געקײַלעכ(יק)ט. 1. מאַכן קײַלעכיק. א, אַ
פֿירעק. 2. דערפֿירן צו אַ (גרעסערער,
קלענערער) קײַלעכדיקער צאָל. א, דעם פּרײַז.
אויף; קיין פֿאַל (ניט) — אַדוו פֿראַזע. וואָס
עס זאָל ניט זײַן, פּאַסירן; בשום אופֿן ניט.
א, ק, פֿ, ניט אָפּטרעטן, ניט אונטערגעבֿן זיך,
ניט שווײַגן אאַזוו. „וואַרף אַרײַן אין סמעטענע
אַ קליין שטיקל צוקער, וועט מען א, ק, פֿ,
קיין פּוטער ניט אויפֿשלאָגן“, דער קלוגער
קונצנמאַכער, ווילנע 1879.

אויסקײַען — טרוו. קײַ אויף, ~געקײַט.
1. (צע)קײַען וויפֿל מע דאַרף, ס'איז נייטיק.
א, און ווייכער מאַכן. א, דעם בּיסן. 2.
אויפֿעסן, אויפֿפֿרעסן. א, אויף בּיידע באַקן.]

ווייניקער איידל ווי אויפֿעסן, איידעלער ווי אויפֿפֿרעסן].

□

אויסקײַעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿקײַען.
אויפֿקײַקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקײַקלען (זיך).
אויפֿקייקלען —, טרוו. ־קל אויף, ~
געקײַ□ .
ק□ט
. אדי□ עניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערמיט ז י ך. דזוו אויפֿקויקלען ←.
אויסקײַק
דיקער פּראָצעס פֿון אויפֿקײַקלען (זיך).
אויפֿקילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקילן (זיך).
אויפֿקילן — טרוו. קיל אויף, ~געקילט. אויך
מיט ז י ך. דזוו אויסקילן ←.
אויפֿקימערן זיך — אוטוו. ־ער זיו אויף,
זיך ~געקימערט. מיטאַמאָל אָנהייבן זיך
קימערן, זיך זאָרגן. א, זיך פֿון אַ קלייניקייט.
א, זיך איבערן געזונט פֿון קינד.

אויפֿקינדיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקינדיקן. שריפֿטלעכער אָפּזאָג פֿון אַ קאָנטראַקט, געשעפֿט. „קנה שמעון חלק מהכּפֿר...ואחר...ועשׂה לו א'„, הרבֿ אריהלייבוש הורוויץ [רבֿ אין סטרי, גאַליציע], שו"ת הרי בּ ‎Iמים, לעמבערג, 1897, תּשובֿה קיט.

אויפֿקינדיקן — טרוו. ־יק אויף, ~געקינדיקט. (סוחריש). 1. דזוו אויסקינדיקן, בּ1 ←. א, אַ קאָנטראַקט. 2. פֿאַרלאַנגען צוריקצוגעבן אײַנגעצאָלט געלט. א, דעם אַדערויף.

אויפֿקלאַפּאָטשען

אויפֿקינדלען — טרוו. ־דל אויף, ~ געקינדלט. האָבן אין אַ קורצער צײַט אַ צאָל קינדער. „די ערשטע פֿינף יאָר נאָך דער חתונה קיין קינד ניט געהאַט און דערנאָך אויפֿגעקינדלט אַ האַלבן מנין ייִנגלעך", רייד.

אויסקינדן — טרוו. קינד אויף, ~געקינדט( ). אַרכ. אויסקינדיקן; מודיע זײַן, לאָזן וויסן. „...זען המשולחי, קומין אונ, הפּסק הנ„ל... לאָזן אויף קינדין, והקהלה היתה צהלה ושׂמחה", 'כּ"י וועגן דעם מעצער עלילת־דם, 1 [פֿש III].

אויסקיניגן — אוטוו. ־יג אויף, ~געקיניגט.
אָנהייבן קיניגן, ווערן מלך. א, מיט פּאַראַד.
אויפֿקינצלען — טרוו. ־צל אויף, ~
געקינצלט. דזוו אויסקינצלען ←.
אויפֿקיסנען, ~קישנ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע
אויף, ~געקיסנעט, ~געקישנ(י)עט. סל. ווערן
זויער (און קאַליע). אויפֿגעזײַערט ווערן. דער
ראָסל (די בוריקלעך, דער באָרשט) וועט א,.
אויפֿקיצורן — [...קי'צערן] מרוו. קיצור אויף,
~געקיצורט. נעאָל. מאַכן קירצער (און
דורכדעם בעסער). א, אַן אַרטיקל אויף העלפֿט.
אויפֿקיצלען — ־צל אויף, ~געקיצלט. טרוו —
קיצלען ביזן מאַכן לאַכן. א, עמעצן אונטער
דער פּאַכווע. אוטוו, דריספּערזאָניק — ווערן
אַ ביסל אויפֿגערעגט סעקסועל. ,,ס'האָט אים
אויפֿגעקיצלט פֿון די פֿעפֿערדיקע וויצן‟.
-
אויסקירצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקירצן (זיך).

אויסקירצן — טרוו. קירץ אויף, ~געקירצט.
פֿאַרריכטן דורך קירצן. א אַ קליידל.
,

ּ־

אויסקירצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן פֿון זיך קירצער. „אָדער די אַרבל האָבן זיך אויפֿגעקירצט, אָדער די הענט זײַנען געוואָרן לענגער„.

אויפֿקישניען — אוטוו. ־ניע אויף, ~ געקישגיעט. סל. 1. וורר. פּפֿ: ~קישקען, ~ קיסקען. אויפֿפּלאַצן פֿון געלעכטער. א, פֿון אַ נאַרישן וויץ. 2. מיטן־גאַליציע. אָנהייבן רייכערן, קאָפּטשען, דאָס לעמפּל קישניעט אויף.

אויפֿקלאָגן —, אוטוו. קלאָג אויף, ~ געקלאָגט. (← אויסקלאָגן). מיטאַמאָל נעמען קלאָגן. „דאָס גראָז און דער בוים זײַנען שו־ פּים צום צער און אויך צום נסיון צו א, העכער", הל, 'צוויי זילבערנע בעכער'.

אויפֿקלאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּלוצלינג באַקלאָגן זיך; אַרויסקומען מיט טענות, פֿאָדערונגען. א, זיך אויף עמעצן פֿאַר שלעכטער אויפֿפֿירונג.

אויפֿקלאָגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿקלאָגן (זיך).

אויפֿקלאַמערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקלאַמערן (זיך).

אויפֿקלאַמערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געקלאַמערט. צונויפֿדריקן, צונויפֿפּרעסן אין קלאַמערן. א, אַ בינטל פּאַפּירן.

אויפֿקלאַמערן זיך — אוטוו. ← דפּוו. פֿעסט אָנכאַפּן זיך, אָנקלאַמערן זיך אין עפּעס וואָס איז העכער. א, זיך בײַם אייבערשטן שטאַפּל און ניט קענען אַראָפּקריכן.

אויפֿקלאָפּאָטשען — פֿאָרמען אוו בּ ← אויסקלאָפּאָטשען.

אויפֿקלאַפּונג

אויפֿקלאַפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזו אַפּן

— קלאַפּ אויף, ~געקלאַפּט. אוטוו טאַט פֿון אויפֿקלאַפּן ־פּעכץ.

.

אויסק

— מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן קלאַפּן. „ס'איז געוועט שטיל, ערגעץ האָט מען א יפֿגעקלאַפּט

מיט אַ טיר‟. „מײַן האַרץ האָט פּלוצעם
אויפֿגעקלאַפּט פֿון שרעק און חירוש‟, זשורנאַל
ווײַטער, נ״י. טרוו — 1. אויפֿעפֿענען דורך
קלאַפּן. א, דעם פֿאַרמאַכטן קאַסטן. א אַן
אַרײַן,
גאַנג. 2. צונויפֿקלאַפּן, צונויפֿשלאָגן. א, אַ
סוכּה פֿון ברעטער. ״מ'האָט בײַם אַרײַנגאַנג
אין אונדזער סאָד אויפֿגעקלאַפּט אַ גרויסן
טשעפּראָן‟, ה. אַקערמאַן, טמז, 27 IX 1958.
3. טאָן אַן אַרבעט דורך קלאַפּן. א, די
ווײַסלעך פֿון אייער. א, אויף דער שרײַבמאַשין
אַ פּאָר בריוו. 4. אַרויפֿקלאַפּן. א אַן אַפֿיש
,
אויף דער וואַנט. 5. צונויפֿקלײַבן. א,
עטלעכע גראָשנס; א, אַ 'מאַטניאַ'. 6. במקום־ווערב
פֿאַר אַ צאָל טואונגען וואָס ווערן אָפּגעטאָן
גיך אָבער מיט אַ קלאַפּערײַ, למשל: אויפֿעסן,
אויפֿשפּילן. „און חבֿרה האָבן דאָס
אויפֿגעקלאַפּט מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלײַך ווי זיי
האָבן שוין לאַנג ניט געגעסן„, שע, אַלט־נײַ
כתרילעווקע.
אויפֿקלאַפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך
באַקומען ווי אַ (גוטער) רעזולטאַט פֿון קלאַפּן
עפּעס. צוקער מיט די געלכלעך פֿון אייער

האָבן זיך אויפֿגעקלאַפּט. 2. זיך צונויפֿשטויסן, זיך צונויפֿטרעפֿן. זיך א, נאָז צו נאָז בײַם אַרײַנגאַנג.

אויפֿקלאַפּעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿקלאַפּן (זיך).

אויפֿקלאָרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזו␣טאַט פֿון אויפֿקלאָרן.

אויפֿקלאָרן —, טרוו. קלאָר אויף, ~געקלאָרט. מאַכן קלאָר, מע זאָל עס באַנעמען אָן אַ טעות. [פֿרגל אויפֿקלערן]. א, אַן ענין, אַ קאָמפּליצירטע פֿראַגע. „אַ סך מאָל איז די אומקלאָרקייט מיט דער צײַט אויפֿגעקלאָרט געוואָרן“, יג, איק, 20 l1957 I.

אויפֿקלאָרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך ווערן קלאָר. די מיסטעריע וועט זיך א..

אויפֿקלויבונג, אויפֿ ק לויבן (זי ך), ־בעכץ, ־בעניש, ␣בער — ← פּפֿ: אויפֿקלײַבונג, אויפֿקלײַבן (זיך) אאַזוו. אין פּר, גאַליציע, אוקר. „מיר זולן דען זוימן אַל באלד אויף קלויבן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

אויפֿקליאָווען — אוטוו. ־ווע אויף, ~ געקליאָוועט. וורר. אויפֿשײַנען מיט אַ ציטערדיק פֿײַערל; אויפֿגליִען, אויפֿגלימערן. „אין דער ווײַטער כאַטע קליאָוועט אויף אַ פֿײַערל“.

אויפֿקליגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויף,
זיך ~געקליגלט. איר. ווערן כּלומרשט אַ
קלוגער, אַ קלוגיטשקער; אַרויסקומען מיט
אומגעראָטענע המצאָות. א, זיך ווי אַ חכם פֿון
מה־נשתּנה. ־לעניש.
אויפֿקלייבּ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿ ־
קלייַבּן. „לאַנג דויערט דער א, פֿונעם בּאַוול.
אַ גוט גערעטעניש געווען“, ע. איזראַ, צײַג,
קיִעוו 1928. 2. סכום פֿון אויפֿגעקליבּענע
זאַכן.

482

אויפֿקלייַבּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקלייַבּן.
אוי ן — טרוו. קלייַבּ אויף, ~געקליבּן.
פּ ויבּן. 1. צונויפֿקלייַבּן,
צונויפֿנעמען וואָס עס איז צעשאָטן, צעוואָרפֿן. „איצט,
קינדער, קלייַבּט אויף די שפּילכלעך„. „וואָש
די גוים איר בּהמות האָבּן צו עסין גיגעבּין אונ,
וואָש די בּהמות האָבּן ווידר לאָזן אויז איר
מיילר פֿאַלן, דז קלויבּט זיא אויף„, לט1,
2/42. „הענער מיט זייערע ווייַבלעך... האָכן

די בּרעקלעך אויפֿגעקליבּן וואָס זענען פֿון
דעם עסן געבּליבּן", עט, משלים. ,,...איינער
האָט גענומען א, די שטערן — אַזוי ווי איך
האָבּ נעכטן אויפֿגעקליבּן (←. בּ3) דעם
פֿאַרמערס קאַרשן אין אַ קויש", יהואָש, '
זומערנאַכט'. ,,אַ מלאך וואָס הייסט (סנדלפֿון השׂר)
קלייַבּט אויף די תּפֿילות גלײַך אַז אַ מענטש
קלייַבּט צונויף זילבּער און גאָלד...צו מאַכן
דערויס אַ קרוין צו השי"ת", אור עולם, ח"א,
נעתּק ע"י ר, ישׂראל ממינסק, ווילנע 1865.
2. צונויפֿזאַמלען וויפֿל עס איז נייטיק,
וויפֿל מע דאַרף, מע מעג. א, חתימות אונטער
אַ פּעטיציע. ,,גאַרבּן וואָס מע האָט נאָך ניט
אויפֿגעקליבּן [נאָך לקט ניט גענומען] — איז
אַלץ וואָס עס רירט זיך אָן צו דער ערד
געהערט דאָס צו די אָרעמעלײַט", זרעים, יח/א.
,,איך נעם די פֿעדער אין דער האַנט —
פֿאַראַנען פֿיל צו שרייַבּן; עס פֿעלט מיר נאָר
געמיטלעכקייט די ווערטער אויפֿצוקלייַבּן", הר,
מײַן ליכטיקע נסיעה   פֿון האַרץ די לעצטע
 ,,
פֿונקען אויפֿגעקליבּן — די קעלט
דערוואַרעמען, אין חושך ליכט דערזען", מאָל, דער
מלך דוד...

3. אָפּרײַסן וואָס עס וואַקסט, צונויפֿנעמען אַ געװעטעניש. א, שװעמלעך אין װאַלד; א, װײַנשל פֿון בוים אַאַזװ. „אַז אײנער װיל קלײַבן פֿײַגן פֿון דעם בוים, היט ער אים. אַז ער האָט שוין אױפֿגעקליבן, היט ער אים שוין ניט“, נצ2, קמ„א/ג.

4. שאַפֿן אַן אײנס פֿון באַזונדערע צונױפֿגעקליבענע טײלן. א, אַ שטרויזאַק פֿון די בינטלעך שטרוי. א, אַ מאַשין פֿון באַזונדערע טײלן. 5. (װעגן געלט) צונױפֿמאָנען, צונױפֿבעטלען; אָפּשפּאָרן אאַ. א, מיטגליד־אָפּצאָל. „אויף דער תּלמוד־תּורה זײַנען געװען באַזונדערע דרײַ גבאים   פֿלעגן זיי א, געלט„,

...

יק   פֿון מײַנע ציבעלעס מיט װעלכע איך

. „

האַנדל קען מען קיין נדן נישט אױפֿקלױבן„,

פּרץ, 'מוסר'.

6. בײַ פֿאַרשײדענע אַרבעט־פּראָצעסן. א,

פֿאַלדן = אײַנ◌ .יגן שטאָף און צונױפֿנײען אין

פֿאַלדן. א אַ ג אַ ל ע ז — (װעבערײַ,

בּיאַ,

ליסטאָק) אָפּקלײַבן אין דער געהעריקער

אָרדענונג די פֿעדעם װאָס גײען דורך דאָס

שערבּרעטל.
אויפֿקלייבּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

צונויפֿקלײַבּן זיך, צונויפֿטרעפֿן זיך (אינאײנעם
אויף איין אָרט). „אַלע ווײַבער האָבּן זיך...
אויפֿגעקליבּן אינאײנעם, בּאַטראַכטן... וואָס
מע דאַרף טאָן נאָך שבּת“, יודישער
פּאַרפּסח, וואַרשע 1881. „זעלדע האָט אָפּגערעדט
מיט די גאַסיקע חבֿרטעס אירע, אַז הײַנטיקן

אויפֿקלעטערן

שבּת זאָל מען זיך א, טאַנצן בּײַ איר,,, אר,
'זאָל שטיין ווי געשטאַנען'. 2. ←
אויסקלײַבּן זיך.
אויפֿקלײַבּעוודיק — אַדי. וואָס לאָזט זיך,
וואָס מע קען אויפֿקלײַבּן. די א'ע ניס וואַקסן
אויף נידעריקע בּיימלעך.
אויפֿקלייבּעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). פּראָ.
־ ▯
צעס פֿון אויפֿקלײַבּן; אויפֿקלײַבּונג,
אויפֿקלײַבּעניש, דאָס אויפֿגעקליבּענע. לקט. „דאָס א,
פֿון דײַן שניט זאָלסטו ניט אויפֿקלויבּן“, ה.
זײַדמאַן, טמז, 24 1959 ▯ I.

אויפֿקלײַבעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿקלײַבן.
אויפֿקלייבער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
-
ווער עס קלײַבט אויף. אַן א, פֿון מיסט, פֿוו
שטײערן אאַזוו.
אויפֿקלייבערײַ — דאָס (די), ־ען. אַרבעט
-
פֿון אויפֿקלײַבן, טואונג פֿון אויפֿקלײַבער.
אויפֿקלייב־צעך — דער, ־ן. (סאַוו).
פֿאַב -
ריק־צעך וואו מע קלײַבט צונויף די טיילן
פֿון מאַשינען אע. (ווב ראָכקינד און שקליאַר).
אויפֿקליידן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. קליידט
אויף, ~געקליידט. פֿטמ. אָנהייבן קליידן.
.— עס קליידט מיר ניט! — וואַש זיך אַרום,
טו אָן שיך, וועט דער מלבוש דיר א'!“.
אויפֿקלייען — טרוו. קלײַ אויף, ~געקלייט.
(דרומדיקע רר אויך: קלייע, ~געקלייעט).
אויפֿקלעפּן (מיט קלײַ). א, די צוויי ברעטלעך,
שטיקלעך טאַקטור.
אויפֿקלימען — אוטוו. קלים אויף, ~
געקלימט. אַרכ. אין לשון פֿון אַמסטערדאַם.

< האָלענדיש. אויפֿקלעטערן, אַרויפֿקלעסערן;
אויפֿשטײַגן. באר התורה [מיטן 18. יה] פֿאַר.
טײַטשט 'אעלה, (שיר השירים, ז, 9): איך וועל
א'.
אויפֿקלינגען — אוטוו. קלינג אויף, ~
געקלונגען. 1. מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן
קלינגען, אַרויסגעבן הילכיקע קלאַנגען. „אין
שטילן אָוונט האָבן אויפֿגעקלונגען לידער“,
דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. 2.
אַרויסקומען מיט אַ שיינעם און הילכיקן (גע)קלאַנג.
זײַן שטים האָט אויפֿגעקלונגען. 3. ווײַט
אַרום באַוואוסט ווערן, ווערן פּאָפּולער. „קען
זײַן וועט מײַן שם־טובֿ די וועלט ווען אָנפֿילן,
און ס'וועט פֿון מײַן ווינקל מײַן נאָמען א'“.
אויפֿקלינגעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿקלינגען. אַן א, פֿון גלעקער.
אויפֿקלינעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געקלינעוועט. 1. פֿאַרקלינעווען; אַרײַנגעבן,
אַרײַנשלאָגן אָדער אַרײַננייען קלינעס. 2.
פֿונאַנדערקלינעווען, אַרויסנעמען אַ קלין. 3.
צונויפֿקלינעווען, צונויפֿשטעלן פֿון קלינעס,
שטיקער. א אַ בגד פֿון שטיקלעך און ברעקלעך;
,
אויפֿטאָן מיט גרויסע שוועריקייטן, מיט

תּחבולות. א, די וואָך פּרנסה.

אויפֿקל◌ען — פֿטמ. ← אויפֿטליִען.

אויפֿקלעטערן — אוטוו. ־ער אויף, ~ געקלעטערט. 1. אַרויפֿקלעטערן, אַרויפֿקריכן, אַרויפֿדראַפּען זיך. א, אויפֿן בוידעם. 2. גיין מיט שווערע טריט, מיט אָנשטרענגונגען באַרגאַרויף. (אויך אַקוזוו: א, דעם באַרג).

אויפֿקלעמונג

אויפֿקלעמונג — די, ־ען. פּראָצע◌ אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקלעמען.

אויפֿקלעמען — קלעם אויף, ~געקלעמט. טרוו — צונויפֿדריקן, צונויפּפּרעסן. א, די פּאַפּירן. אוטוו, דריטפּערזאָניק — מיטאַמאָל פֿילן אַ דרוק. עס קלעמט אויף אויפֿן האַרצן.

אויסקלעמען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. האָבן האַרצווייטיק, קלעמענישן; זיך נעמען צום האַרצן. זיך א, ווײַל מע קריגט ניט קיין בריוו. 2 פֿאַרקלעמט ווערן איינער מיטן אַנדערן. „די

.

ציין האָבן זיך אויפֿגעקלעמט ווי מיט צוואַנגען„.

אויסקלעמעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿקלעמען (זיך).

אויפֿקלעמער — דער, ־ס. נעאָל (קאָוונע).
אַ פּאַפּקע וואָס דריקט צונויף פּאַפּירן (זיי זאָלן ניט אַרויספֿאַלן).
אויסקלעמפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~ געקלעמפּעט. (שלאָסערײַ, בלעכערײַ) צונויפֿקלאַפּן מיט שטיפֿטן מעטאַלענע פּלאַטעס. מיט ז י ך — בכלל זיך צונויפֿקלעפּן. „די בלעכן זײַנען פֿאַרראָסט און זיי האָבן זיך אויפֿגעקלעמפּעט".
אויפֿקלעפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקלעפּן.
אויפֿקלעפּן — טרוו. קלעפּ אויף, ~געקלעפּט.
1. צונויפֿקלעפּן, צונויפֿפֿעסטיקן. א, פּאַפּירן.
2. פֿונאַנדערקלעפּן, אָפּקלעפּן. א, דעם שפּאַליר פֿון דער וואַנט. 3. אַרויפֿקלעפּן. א, אַ מאַרקע. א אַ צעטל אויף דער וואַליזע. מיט

,

ז י ך = (פֿון זיך) ווערן אויפֿגעקלעפּט (מיט אַלע דרײַ בב).
אויפֿקלעפּעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿקלעפּן (זיך). אַן א, פֿון פּלאַקאַטן.
אויפֿקלעקן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. קלעקט אויף, ~געקלעקט. זײַן גענוג, סטײַען. „עס

ווער א, וואָס ס'איז דאָ אין שטוב, מע דאַרף
קיין זאַך ניט צוקויפֿן", רייד.
אויפֿקלעקן — טרוו. קלעק אויף, ~געקלעקט.
1. אויפֿפֿלעקן. א, אַ פֿליאַמע. 2.
אויפֿקלעפּן. 3. אויסקלעקן, טרוו ←.
אויסקלער — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אויפֿקלערן. א'־אַרבעט [געוויינטלעך פּראָפּאַגאַנדע].
א'־ביבליאָטעק [אַ סעריע בראָשורן
אויפֿצוקלערן, אין ליטע, 20ער יאָרן פֿון 20. יה]. די א'־
תּקופֿה פֿון ראַציאָנאַליזם אין 18. יה. די א'־
פֿילאָסאָפֿיע פֿון דעם זעלביקן פּעריאָד. 2.
פּירוש. „אַ שטיקל א, איז דאָ נייטיק„, אפֿא,
טמז, 3 .26 1953 X. געדאַנק וואָס קלערט
אויף. „ברענגט ער פֿאַר זײַן באַווײַז
אַריסטאָטעלעס, א, אַז די וועלט איז אין באַוועגינג
און...„, בצג, טמז, 4 1953 III.
אויפֿקלערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿקלערן (אַלע בב). „האָט
פֿאַרגעניגן צו הערן די חכמות און מוסר, די
נײַס און די א, פֿון די תּלמידים", נועם המוסר,
ווילנע 1864. 2. השׂכּלה. „די ביידע נײַע
ריכטונגען, די א, און דער ,חסידיזמוס, [
חסידיזם, חסידות] זענען ביידע אין איין צײַט
געבוירן„, קמ, 3 .25 1865, No. בילדונג,

ריכטיקע דערציאונג (אין טערמינאָלאָגיע פֿון
משׂכּילים).

483

אויפֿקלערן — טרוו. קלער אויף, ~געקלערט.
1. מאַכן קלאָרער, קלערער בּיז צו דער
נייטיקער מאָס דאָס וואָס איז (אַ בּיסל) מוטנע.
א, מעד, ווײַן. 2. דערקלערן; מאַכן עפּעס
קלאָר מע זאָל בּעסער (ריכטיקער) פֿאַרשטיין.
א, דעם (מיין פֿון) פּסוק. א, אין וואָס עס □.י□
דאָ. א, דעם האַרבּן ענין. א, ווי צו מאַכן די
אויפֿגאַבּע. „אַזוי איז גאָר אוממעגלעך, דאָס
אַ מענטש זאָל דאָס אַלץ א, און בּאַטראַכטן„,
איבּז אַהרן לעווין, מקורי מנהגים, ווילנע 1873.
3. אויסקלערן; אויסטראַכטן, אויסגעפֿינעו.
א אַ נײַעם מיטל פֿאַר (קעגן) עפּעס.

4. פֿאַרשפּרייטן ידיעות. פֿירן
פּראָפּאַגאַנ□
דע פֿאַר עפּעס. א, דעם בּרייטן עולם. 5. הייבּן
דעם גײַסטיקן ניוואָ דורך פֿאַרשפּרייטן וויסן,
קענטעניש, דורך בּילדונג, דערציאונג, קונסנ□ .

״מע קען דורך דער שפּראַך א, דאָס פּראָסטע פֿאָלק״, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „די שיינע קונסט מעג זשאַווערן און שימלען, די דיכטער האָבן גאָרניט אויפֿגעקלערט. מע האָט שוין צו פֿיל מיט די בלויע הימלען פֿאַרדעקט די שוואַרצע בלאָטעס אויף דער ערד״, סעג, איצטער. 6. מאַכן פֿאַר אַ משׂכּיל, אַ וועלטלעכן. ״אַז אַ חסיד ווערט אויפֿגעקלערט, שילט ער אין טאַטן אַרײַן״, שוו. 7. מאַכן פֿאַר אַן אָנהענגער פֿון דער אייגענער ריכטונג, פּאַרטיי. א, דעם אַרבעטער. „אַ סך קליינבירגער קען מען ניט א'״, רייד.

אויסקלערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. פֿון זיך ווערן קלאָר. „מיט דער צײַט וועט זיך עס א'״. 2. זיך אויסלײַטערן. „ס'דאַכט זיך מיר פֿונעם פֿינצטערניש העט־ווײַט הייבט דער הימל אָן זיך אויפֿצוקלערן״, ממוס, יודל. „און א, וועט זיך דאָס וועטער בײַנאַכט און שטערן אַרויסשפּריצן וועלן אָן צאָל״, יהואָש, 'דעי הערבסט־בוים'.

אויפֿקלערעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

אויפֿקלערונג (מיט ביטול, פּעיאָ).

אויפֿקלעריניש — דאָס (די), ־ן. 1. (געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון

אויפֿקלערן. 2. אויפֿקלערונג, איר. „מע הערט און מע לייענט די זאָגענישן און די א'ן פֿון געוויסע דיפּלאָמאַטן“, ש. ביקל, טמז, 25 XII 1953.

אויסקלערער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿקלע ו. אינטערפּרעטאַטאָר, אויסטײַטשער, דערקלערער. 2. ספּעצ: משׂכּיל; דענקער פֿון דער אויפֿקלער־תּקופֿה אין 18. יה.

אויפֿקלעריש — אַדי. וואָס קלערט אויף; וואָס איז שייך צו אָדער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אויפֿקלערונג. א'ע אַרבעט, מיטלען, רייד, אַרטיקלען אאַזוו. „א'ע ווערק גייען אַרײַן אין פּראָגראַם“, ימ, איבז, ייִנגל און מיידל, 1929. „אין די 90ער יאָרן איז דאָס ייִדישע וואָרט נאָך געוועזן זייער שטאַרק א, נישט נאָר אין אַמעריקע, אויך אויף יענער זײַט ים“, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II.

אויפֿקלערישקייט — דאָס (די). איי נשאַפֿט פֿעאיקייט אָדער פּעולה צו זײַן אויפֿ,
קלעריש.

אויפֿקנייטשן זיך

אויסקנאָדערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געקנאָדערט. ← אויפֿקאָדערן.

אויסקנאַל — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויפֿקנאַלן.

אויסקנאַלן — קנאַל אויף, ~געקנאַלט. אוטוו
— ← אויסקנאַלן, אוטוו. טרוו — 1.
אויפֿעפֿענען עפּעס מיט אַ קנאַל. א, די טיר.
2. אויפֿרײַסן. א, אַ מינע.

אויסקנאַלעניש — דאָס (די), ־ן.
פֿילמאָליקער פּראָצעס פֿון אויפֿקנאַלן. א, פֿון אַלע
ים וואָפֿן.
מי

אויסקנאָספּן זיך — אוטוו. נעאָל. קנאָספּ

זיך אויף, זיך ~געקנאָספּט. קריגן אויף זיו קנאָספּן אָדער אויפֿעפֿענען זיך (וועגן קנאָספּן). „די בײמער קנאָספּן זיך אויף פֿרילינג“.

-

אויסקנאַק — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿקנאַקן.

אויסקנאַקן — קנאַק אויף, ~געקנאַקט. אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג אַרויסקומען, דערשײַנען מיט אַ קנאַק, אַ הילך; זיך אויפֿרײַסן, אויפֿפּלאַצן. “אין דער נאַכט קנאַקן אויף אָפֿטע שאָסן“. טרוו — 1. אויפֿעפֿענען מיט אַ קנאַק. א, די ניס. 2. אויפֿרײַסן, אויפֿברעכן. א, די פֿאַרשלאָסענע טיר. א, די באָמבעס, מינעס. אויך מיט ז י ך = פֿון זיך. 3. אויפֿשפּילן, אויפֿזינגען מיט אַ קנאַק. „פֿאָרנדיק אין דער בויד האָבן זיי אויפֿגעקנאַקט אַ פֿריילעכס“, ייִט, טאָג, 1961 I י 29.

אויפֿקנויל — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿקנוילן (זיך). „אין דעם א, פֿון ערשטן דרימל“, יג, איק, פּסח תש״ט.

אויפֿקנוילן — קנויל אויף, ~געקנוילט. אוטוו —באַוועגן זיך, אויפֿהייבן זיך אין פֿאָרעם פֿון אַ קנויל. אַ געדיכטער רויך קנוילט אויף צום

הימל. טרוו — צונויפֿקנוילן, פֿאַרוויקלען; פֿאַרפּלאָנטערן. א, די פֿעדעם, מע זאָל קיינמאָל קיין עק ניט געפֿינען. א, פּראָבלעמען. מיט ז י ו = פֿון זיך. 2. פֿונאַנדערוויקלען, מאַכן אויס פּלאָנטער. א, די וואָל צום שטריקן. א, אַ פּראָבלעם.

אויסקנופּן — טרוו. קנופּ אויף, ~געקנופּט. פּפֿ: ~קניפּן. 1. צענעמען (באַפֿרײַען פֿון) אַ קנופּ. א, דאָס שנירל, מע זאָל קענען אויסטאָן דעם שוך. 2. באַפֿרײַען פֿון קייטן, פֿון תּפֿיסה. "דער מלך האָט גאָט געלויבט...און די שכנים האָט ער געלאָזט א'", שארית י t ראל, [לבֿובֿ?]. 3. מאַכן אַ קנופּ, קנופּן. פֿעסט א— דעם שטריק איבערן קאָרבֿ.

אויסקנייטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקנייטשן.

אויפֿקנייטשלען — טרוו. ־טשל אויף, ~ געקנייטשלט. מאַכן געדיכטע און קליינע קנייטשן. א, פּאַפּיר. א, אַ בגד. א, דעם שטערן.

אויסקנייטשן — טרוו. קנייטש אויף, ~
געקנייטשט. 1. מאַכן קנייטשן; צונויפֿלייגן אין
קנייטשן. א, דאָס טיכל און אַרײַנשטעקן עס
אין קעשענקעלע. א, אַ געדרוקטן בויגן אין
א פּאַמפֿלעט. 2. צעקנייטשן. א אַ געפּרעסט
,

-

העמד בײַם פּאַקן. *א, אַ צורה = מאַכן
העוויות. „וואָס קנייטשסטו אויף אַ צורה אַז
מע הייסט עפּעס טאָן?“, רייד.
אויפֿקנייטשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
צעקנייטשט ווערן. די זאַכן אין וואַליזע קנייטשן

-

אויפּקנײַפּן

זיך אויף. 2. (ווען) זיו אַרויסדרייען פֿון
טאָן לויט אַ באַפֿעל (אָנווײַז); זיך וואַקלען.
„קנייטש זיך ניט אויף און זוך ניט קיין

ירוצים, גיי צו אים און בעט זיו איבער“,
רייד. זיך א, מיט אַ יאָ און מיס אַ ניין אין
דער זעלביקער צײַט.
-

אויסקנײַפּן — טרוו. קנײַפּ אויף, ~געקנײַפּט, ~געקניפּן. 1. קנײַפּו פֿון אויבן (ניט טיף, עס זאָל ניט וויי טאָן). א, די בעקלעך.
2. אויפֿעפֿענען אָדער צונויפֿדריקן דורך קנײַפּן (אָדער אַזוי ווי קנײַפּן). א, מיט אַ קנײַפּצווענגל.

אויסקנינען — [...קאַ'ניענען] טרוו. ק(אַ)ניע אויף, ~געק(אַ)ניעט [...קאַ'ניעט]. < קנין, קניה. (וועגן קויפֿערס פֿון געגנבֿעטע זאַכן)
אויפֿקויפֿן, צונויפֿקויפֿן, פּעיאָ. א, טרייפֿענע סחורה.

אויפֿקנען — קני אויף, ~געקניט. נעאָל.
אוטוו — זיך שטעלן אויף די קני. אַקוזוו —.
אויפֿהייבן די קני, מאַכן אַז די קני זאָלן שטאַרצן אויף אַרויף. הל.

אויסקניפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקניפּן.

אויפֿקניפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~ געקניפּלט. צונויפֿבינדן אָדער פֿונאַנדערבינדן אַ קניפּל. *א, דאָס קניפּל = זיך לאָזן קאָסטן, צאָלן (פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן).

אויפֿקניפּלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. צאָלן ניט־גערן, געצוואונגענערהייט. א, זיך און אויסציילן אַחת ואחת. 2. ווערן מיט. אַמאָל פֿריַיגעביק. א, זיך און באַצאָלן פֿאַר דער גאַנצער סעודה.

אויסקניפּן — טרוו. קניפּ אויף, ~געקניפּט.

← אויפֿקנופּן. 1. צו ויפֿקניפּן, פֿאַרבינדו; א, צוזאַמען צוויי שטריק. 2. פֿונאַנדערקניפּן, אָפּבינדן; מאַכן פֿריַי. „דען דער כּח דיא איז שולט בלילה דיא קניפּט אויף דיא שדים אונ, טוט אלי נקמות“, נצ1, שמות, ח/ד. „פֿר צײַטן די חסידים און צדיקים געלט אין אירי רעק

אודר אין אירי מענטל הינטן איין גיקניפּט,
דאָ זיינן דיא עניים גיקומן און האָבּן עש
אויף גיקניפּט אונ האָבּן דאָז געלט הרויש
גינומן“, לט״, 2/46. “גאָטס האַנט...האָט...
אויפֿגעקניפּט די ערשטע בּליטן“, הר, אין
שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט. „...זייער
שטומקייט אויפֿצוקניפּן מיט דעם אויפֿגעהילכטן
וואָרט“, מל, „זיידעס מײַנע'. מיט ז י ך =
פֿון זיך. „האָסט שלעכט פֿאַרבּונדן, דער קנופּ
קניפּט זיך אויף“.

-

אויסקנעטן — טרוו. פֿאָרמען ← אויסקנעטן.
קנעטן בּיז צו דער נייטיקער מאָס, מדרגה. א,
טייג צום בּאַקן. *א אַ בּלאָטע = טרעטן,

,

טראַמפּלען אין בּלאָטע. א, ז י ך = אויך:
ווערן ווי טייג. „אין די רעגנס קנעט זיך
אויף אין מאַרק אַ בּלאָטע בּיזן האַלדז“.
אויפֿקנעלן — טרוו. קנעל אויף, ~געקנעלט.
ווידער, פֿונדאָסנײַ לערנען מיט אָנשטרענגונג
און איבּערחזרונגען. א, מיטן גראָבּן קאָפּ דאָס
זעלבּיקע און ווידער דאָס זעלבּיקע. *א, אָ (די)

פרשה בלק = גוט אָנלערנען (פֿירהאַלטן, אויסרעדן, אָנזידלען; באַשטראָפֿן אע).

אויפֿקנעפּלען — טרוו. קנעפּל אויף, ~ געקנעפּלט. 1. אָפּשפּיליען, באַפֿרײַען פֿון די קנעפּ. א, דאָס העמדל, בלײַבן מיט דער נאַקעטער ברוסט. 2 פֿאַרשפּיליען פֿאַרקנעפּלען,
צו. ,
קנעפּלען. א, דעם פּאַלטן אויף אַלע קנעפּ, ניט צוצוקילן זיך. *א, עמעצן איבער זיך = מאַכן אים פֿאַר אַן אָפֿיציעלן מענטשן, פֿאַר אַ נאַטשאַלניק, פּעיאָ.
אויפֿקנעפּלען זיך — ← דפֿוו. אויך: 1. ווערן פֿרײַגעביק, ברייטהאַרציק. א, זיך און געבן אַ גרויסע נדבֿה. 2. אויסדערציילן אייגענע סודות.
אויפֿקעכלען — טרוו. ־כל אויף, ~געקעכלט. אויך מיט ז י ך. 1. אויפֿהאָדעווען איו וואוילטאָג. א, אַ בת־יחיד'קעלע. 2. געבן גוטע שפּײַז און מאַכן געזינטער, שטאַרקער, דיקער. א אַ קראַנקן. א, דעם איידעם, דעם מאַן.

,

אויסקעמען — טרוו. קעם אויף, ~געקעמט.
אויך: ~קאַמען, לד. אָפּט מיט ז י ך.
1 פֿונאַנדערקעמען, צעקעמען די האָר אין
.
אַלע זײַטן (אַזוי ווי זיי וואַקסן נאַטירלעך).
2 פֿאַרקעמען אין אַ פֿריזור. א, אַ קאָקס
.
(קאָקע).

אויסקערן — טרוו. קער אויף, ~געקערט.
1. צונויפֿקערן אין איין אָרט. א, דאָס מיסט אין איין קופּע, מיט אַ בעזעם, אַ באַרשט, אַ פֿלעדערוויש אע ביז דער נייטיקער מאָס.
2. א, דאָס הויז, צוקלײַבן אין אַלע
ווינקלעך. 3. אַרכ. איבערקערן. „א־רי דריי מכט ער די גאַגן אויף קירן„ [= איבערדרייען מיטן פּנים אַראָפּ, טייטן], בבֿא־בוך, 451.
-

אויסקראַטעווען — טרוו. ־ווע אויף, ~ געקראַטעוועט. 1. אויפֿשטעלן קראַטעס, גראַטקעס.
2. צונויפֿפֿעסטיקן מיט דראָט. א, אַ פּלויט.
אויפֿקראָכמאַל(י)ע(ווע, נע)ן — טרוו.
־מאַל(י)ע(ווע) אויף, ~געקראָכמאַל(י)ע(ווע)ט.

מאַכן שטײַפֿער מיט קראָכמאַל. א אַ ווײַס

,

-

ה מד.

אויסקראַכן — קראַך אויף, ~געקראַכט.

אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג, אַרויסקומען, דערשײַנען מיט אַ קראַך, אַ הילכיקן קנאַק.

אויפֿפּלאַצן, אויפֿקנאַקן. ס'האָט אויפֿגעקראַכט אַ דונער, אַ קאַנאָן. טרוו — אויפֿרײַסן, אויפֿברעכן, אויפֿהאַקן מיט אַ הילכיקן קלאַפּ. א, אַ וואַנט מיט אַ מינע.

אויסקראַפּען — ← אויפֿקאַפּען. וורר.

אויפֿקראָפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~ געקראָפּעט. וורר, אוקר. פֿיטערן איבערגוואַלד, שט־ פּן (כּדי צו האָבן מער שמאַלץ). א, גענדז און אינדיקעס.

אויפֿקראַצן — טרוו. קראַץ אויף, ~געקראַצט.

1. אויפֿעפֿענען, אַרויסנעמען דורך קראַצן, דראַפּען, קרעלן. דער הונט קראַצט אויף די

טיר. א אַ פּרישטשיקל. א אַ וואונד; א, די

הויט ביז בלוט. 2. צונויפֿנעמען דורך
קראַצן. א, דאָס טייג פֿון דייזשע. א, צימעס פֿון
טאָפּ. 3. צונויפֿקלייַבן פֿון באַהעלטעניש(ן)
אָדער דעם רעשט פֿון עפּעס. א, די לעצטע
פּרוטות. 4. אַראָפּשאָבן. א, דאָס צוגעבּרענטע
פֿון דער פֿאַן. א, פֿאַרב פֿון די ווענט.
אויפֿקראַצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויד:
נעמען זיך עפּעס טאָן פֿויל, צו שפּעט. א, זיך

אויפֿקרעלן

מיטן ש◌בּת מאַכן ביז נאָך ליכטבענטשן.
אויפֿקראַקען — אוטוו. ־קע אויף, ~
געקראַקעט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג (ווידער,
פֿוגדאָסנײַ) אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן קראָעו אאַ).
,,אַ גרויסער שוואַרצער פֿויגל קראַקעט אויף
פֿון צווישן צווײַגן,,, ייִט, טאָג 4 1958 X.

אויסקרויזן — טרוו. קרויז אויף, ~געקרויזט.
אויך מיט ז י ך. אויפֿגרײַזלען. א, די האָר.
,,די האָר קרויזט זיך אויף נאָכן צוואָגן,,.

-

אויסק ן

— טרוו. ־זל אויף, ~

גערוינ — ← אויסקרוינען.

-

אויסקרײַז

קרײַזלט. 1. דזוו אויפֿגרײַזלעו ←. 2. דזוו אויסקרײַזלען ←.

אויסקרייען — קריי אויף, ~געקרייט. אוטוו — מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנ) אַרויסגעבן

,

קלאַנגען (וועגן העׂנער). „די הענער קרייען אויף צום דריטן מאָל, עס טאָגט„. טרוו — אויפֿזינגען (ענלעך צו אַ האָן, מיט אַ קרייעדיקער שטים). פֿעיאָ. א, אַ ליד.

-

אויסקריכן — אוטוו. קריך אויף, ~ געקראָכן

[אין רר וואו דער קאָנווערבֿ אַרויפֿ־ איז ז].

אַרויפֿקריכן, אַרויפֿשטײַגן. א, אויפֿן דאַך.

אויפֿקרימען (זיך) — אוטוו. ← אויסקרימען (זיך). [אויפֿקרימען (זיך) איז ווייניקער ווי אויסקרימען (זיך)].

אויסקרימעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿקרימען (זיך).

אויסקריצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿקריצן.

אויפֿקריצן — קריץ אויף, ~געקריצט. טרוו —דזוו אויסקריצן ←. א, שבֿחים אויף אַ מצבֿה. אוטוו — אָנהייבן קריצן. א, מיט די ציין פֿאַר כּעס פֿאַרדראָס. אויך אַקוזוו: א, די ציין.

— ,

אויסקריצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך: צונויפֿדריקן זיך און קריצן. „זײַנע ציין האָבן זיך אויפֿגעקריצט און אַרײַנגעבּיסן זיך... בּיז אַרונטער די יאַסלעס“, הל, 'דער וואָלף'.

אויסקריצעניש — דאָס (די), ־ן. (
גערויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿקריצן.

אויסקרעדענצן — סרוו. ־ענץ אויף, ~
געקרעדענצט. אַרויפֿשטעלן אַ גאַנצן קרעדענץ,
אַ סך כּלים. „דען ער האָט אויפֿגעקרעדענצט
אויף דעם טיש זעלבסט די צען זילבערנע
שנאָלן“, אמד.
אויפֿקרעכץ — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויפֿקרעכצן, פּלוצעמדיקער קרעכץ.
אויפֿקרעכצן — אוטוו. קרעכץ אויף, ~
געקרעכצט. אויך: ~קרעכצען. פּלוצלינג,
מיטאַמאָל, (ווידער, פֿונדאָסנײַ) אָנהייבן
קרעכצן, זיפֿצן. (אָדער אַרויסגעבן קלאַנגען ענלעכע
צו אַ קרעכץ). „געאַרבעט האָבן פֿלינקע הענט,
ביז אויפֿגעקרעכצט האָט וואו אַ ראָד„, אַר,
'דער צוג'. “די ריפּן אין אַבֿרהמען האָבן
אויפֿגעקרעכצט, ער האָט אָן שׂרהן זיך דערמאָנט“,
הר, אָדממ קינדער.
אויפֿקרעכצעניש — דאָס (די), ־ן.
פֿילמאָליקער פּראָצעס פֿון אויפֿקרעכצן.
אויפֿקרעלן — קרעל אויף, ~ געקרעלט. אוטיו

— אויפֿבלעזלען זיך, אויפֿזידן, אויפֿברענגען
שוים. דאָס וואַסער קרעלט אויף. טרוו —

אויפּקרעמפּעווען

אויפֿקראַצן מיט קרעלן (נעגל בײַ אַ קאַץ,
בײַ רויבֿ־חיות).
-

אויסקרעמפּעווען— טרוו. ־עווע אויף, ~
געקרעמפּעוועט. צונויפֿבינדן, צונויפֿפֿעסטיקן
(מיט שטריק). אַ, דעם טיוק סחורה.

אויסקרעסטיקן — טרוו. ־טיק אויף, ~
געקרעפֿטיקט. 1 פֿעסט צונויפֿבינדן, צובינדן.
.
אַ, מיט דיקע שטריק. 2. באַקרעפֿטיקן;
באַשטעטיקן.
אויפֿראַבירן — טרוו. ־יר אויף, ~געראַבירט.
אויך: ~ראַבעווען. צונויפֿראַבעווען. אַ,
ייִדיש האָב־און־גוטס.
אויפֿראַבליען — ← אויפֿגראַבליען.

אויסראָטן —, טרוו. ראָט אויף, ~גערא‏ָטן. אומגעריכט (אָדער פֿונדאָסנײַ) געבן אַן עצה. א, עמעצן וואָס צו טאָן. [ו אין פּד, אוקר.]

-

אויסראָטן זיך — ← דפֿוו. זיך האַלטן אַן עצה מיט עמעצן אָדער מיט אַ צאָל מענטשן. א, זיך מיט פֿרײַנד וועגן אַ האַרבן ענין.

אויסראַטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געראַטעוועט. אדיך מיט ז י ך. ראַטעווען און אויפֿהיטן. א אַ פֿאַרמעגן.

,

אויף; ראַטע(ס) — אַדוו פֿראַזע. אין באַ— שטימטע אײַנגעשטעלטע טערמינען; טיילוויַיז, פּאָרציעסווײַז, חלקימווײַז. אויסצאָלן א, ר'.

,,די גרויסע פֿאַרלוסטן וואָס זיי פֿאַרשאַפֿן מיט זייער גנבֿענען א, ר', יעדן טאָג צו ביסלעך,,, טמז, l6 I 1961. איר, אַרבעטן א, ר, = פּאַמעלעך, פֿויל.

אויפֿראַטשקעווען זיך — אוטוו. ־עווע זיך אויף, זיך ~געראַטשקעוועט. אוקר. אַרויפֿקריכן מיט גרויסע שוועריקייטן, אויף אַלע פֿיר. א, זיך אויף אַ בוידעם, אויפֿן באַרג.

אויפֿראַטשקעניש — דאָס (ד), ־ן.
גערוירדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿראַטשקעווען זיך.
אויפֿראיהן — [...ראַיען] טרוו. ראַיה אויף, ~געראיהט. אויפֿווײַזן מיט ראַיות. „לערער, איך קען עס ניט א', אָבער איך פֿיל אַז עס איז אַוּוי'„, רייד.
אויפֿראָיען — טרוו. ־יע אויף, ~געראָיעט. אויפֿגראָבן, אויפֿגראַבלען, אויפֿשאַרן. א, מיט די נעגל אַ גריבל. „און אויפֿגעראָיעט האָט דער מענטש די פֿינצטערע געדערים פֿון דער ערד“, הר, אָדמס קינדער. א, אַ געסרחה = פֿאַרפֿירן אַ קריגערײַ. (גראָב).
אויפֿראָיעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿראָיען.
אויפֿראָלן — טרוו. ראָל אויף, ~געראָלט. אויך מיט ז י ך. 1. פֿונאַנדערוויקלען, אָפּוויקלען. „און גאַנץ אָפֿט אויפֿגעראָלט אַ תּורהלע און געוויזן מיטן פֿינגער אויף שטעלן...„,
פּרץ, 'אַ יונגן שרײַבערס חנוכּה'. „איז דער נאָמען אַליין גענוג אויפֿצוראָלן דעם ספֿרהזכרונות און צוריקפֿירן צו די יוגנטיאָרן„,
לע, טאָג, 1957 I 22. 2. צונויפֿוויקלען, פֿאַרוויקלען. א, דעם טעפּעך און אַרויסטראָגן אים פֿון צימער פֿון דער היץ ראָלט זיך אויף די

.,,
קאָרע ווי אַ טרײַבעלע“.
אויפֿראַמונג — די, ־ען. פּפֿ: ~רוימונג.
פֿראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿראַמען.
אויפֿדאַמעכץ — דאָס (די), ־ן. פּפֿ: ~
רוימעכ ן. דזוו אויפֿראַמונג (אויך מיט ביטול).

48

,,נאָך אַזאַ א, דאַרף מען ערשט פֿונדאָסנײַ
נעמען אויפֿראַמען,,.

אויסראַמען — טרוו. ראַם אויף, ~גערשאַמט.
לד. מייִ. ד וו אויפֿרוימען ←. ,,יעדער פֿויגל טוט
אַ קלער: זאָל איך א, צוערשט אָדער טאָן אַ
פּיק אַ גערשט?“, יהואָש, ,פֿרילינג'.
אויפֿראַמער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס ראַמט אויף אָדער זײַן מלאָכה איז
אויפֿצוראַמען. דער א, פֿון קאַנטאָר, שול.
,,עס האָט געדויערט ניט ווייניקער ביז מע
האָט געפֿונען די א'ס גופֿא,,, ש. גאָדינער,
'בירעבידזשאַן', זאַמלבוך, מאָסקווע 1936.

אויף] (אויפֿן) ראַמש — אַדוו פֿראַזע. אַלץ צוזאַמען; ווי עס ליגט; אַ גאַנצע קופּע אינאיינעם. קויפֿן פֿאַרקויפֿן (אַלטוואַרג, אויס,
בּראַקירטע סחורה, געגנבֿעטע זאַכן) א, ר'.
,,—־־ ווי אַזוי ווילט איר עס קויפֿן? אויף די אַרשין צי אויפֿן ראַמש? — אַזוי ווי ס'ליגט, אויף דער קופּע", בּימקאָ, גנבֿים.
אויפֿראַנגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויף, זיך ~געראַנגלט. אַרויפֿראַנגלען זיך; מיט גרויסע שוועריקייטן שטײַגן צו אַ העכערער פּאָזיציע. א, זיך צו אַן אַמט, אַ וויכטיקן פּאָסטן.

אויסראַצן — טרוו. ראַץ אויף, ~געראַצט.
אויפֿקריצן, אויפֿקאַרבן. א, מיט אַ פּײַלכל (אַ מעסערל) צייכנס אויף האָלץ, אײַזן אע.
אויפֿרודער — דער, ־ס (זן). 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרודערן (זיך). ,,יעדער נײַע קאָטש האָט געמאַכט אַן א',,, ייִט, פּוילן I.
2. אַלאַרעם; אויפֿרעגונג; צערודערונג. ,,זיי זענען אין גרויס א'; זיי שטייען אַ געזעמל דאָ, אַ געזעמל דאָרט און רופֿן אויס שלעכטע נעמען", אַש, משה.

אויפֿרודערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿרודערן (זיך). אויפֿרודער.
מאַכן אַן א', די שטאָט זאָל ווערן פֿול.
2. שטאַרק אומרואיקער גײַסטיקער מצבֿ. בײַ
אַזאַ א, ניט קענען זיך צוהערן מיט
אויפֿמערקשאַפֿט. אַרויסרופֿן אַן א'.

אויסרודערן — טרוו. ־ער אויף, ~גערודערט.
אויך מיט ז י ך. 1. אויפֿטרייסלען,
אויפֿוויגן; אַרײַנברענגען צעטומלעניש. *א, אַ גאַס
(אַ שטאָט, אַ וועלט) = מאַכן אַז די
אײַנוואוינערס פֿון דער גאַס (דער שטאָט, דער 'וועלט')
זאָלן וועגן דעם רעדן, זײַן פֿאַראינטערעסירט
אין דעם, זיך היצן וועגן דעם. ,,דאָס האָט
דאָס געסל אַ ביסל אויפֿגערודערט און פֿנימער
האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן,,, ווײַס I, '
חייםאהרן'. ,,דער פּסוק 'מי ומי ההולכים, [= ווער
עס זאָל דורכפֿירן די שליחות] האָט אַ ביסל
אויפֿגערודערט די שטאָט,,, שע, אַלט־נײַ
כּתדילעווקע. *א, די וועלט = אויך: ווערן
אומעטום באַרימט. דער אַקטיאָר האָט
אויפֿגערודערט די וועלט. ,,אונדזערע קונצן האָבן

אויפֿגערודערט די וועלט“, נאַד. *א, אַ
מוראַשניק = אָנמאַכן אַ גאַנצע צעמישעניש;
אויפֿהייבן אַ גערײדערײַ, רכילותן, מחלוקתן. *א,
די וואַנצן = איר א) כּלומרשט האָבן אַ
ווירקונג מיט רייד, מעשׂים; ב) א, דעם אָפּפֿאַל
פֿון דער געזעלשאַפֿט. „אַ שׂריפֿה רודערט
אויף (די) וואַנצן“ = בײַ אַ גרויס געשעעניש

אויפֿרוימען

(מלהמה, רעוואָלוציע) קומען אויף דער
אייבערפֿלאַך די ערגסטע. 2. אויפֿשלאָגן,
אויפֿקלאַפּן. „אַ פֿאַרשלאָפֿענע האָט זי זיך
אויפֿגעשטעלט, אויפֿג▯רודערט דעם שעניק און
זיך אָנגערופֿן...“, אָפּאַ, ▯אַ יונג'. 3. מאַכן
מוטנע, צעטרייסלען. „אַ גרויסער, בּרייטער
טײַך איז אויפֿגערודערט געוואָרן בּיז צו זײַנע
גרונטן“, בּעל־מחשבֿות ▯I.
4. אַרײַנבּרענגען אומרואיקייט,
צעטומלעניש פֿון געמיט; אויפֿוועקן אומרואיקע
פֿאַראינטערעסירונג. „האָט [ער] אָפּגעטאָן אַ
שרעקלעכע זאַך וואָס האָט אויפֿגערודערט די
חסידים„, אַש, תּהילים־ייִד. „דער סימפּאָזיום וועגן

טעאַטער האָט אויפֿגערודערט די
געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.
[אויך אוטוו — מיטן בֿ פֿון פֿאַסיוו. ,,ווי ער
איז געקומען...האָט דאָס שטעטל
אויפֿגערודערט‘‘, איין גאַנץ נײַע מע ה פֿון צוויי
שוועסטער, לעמבערג 1890.]

אויסרודערניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿרודערן (זיך).

אויסרודערער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
1. ווער עס רודערט אויף. 2. אויפֿהעצער,
א טריגאַנט; פּראָוואָקאַטאָר.
י

אויסרויבן — טרוו. רויב אויף, ~גערויבט.
דזוו אויפֿראַבירן ←.
אויפֿרויטלען — טרוו. ־טל אויף, ~
גערויטלט. פּפֿ: ~רייטלען. מאַכן רויטלעך.
,,דער פֿראָסט רויטלט אויף די פּנימער,,.
אויפֿרויטלען זיך — ← דפֿוו. אויך: זיך
פֿאַרשעמען. זיך א, בײַ גראָבע רייד.
אויפֿרויכערן — טרוו. ־ער אויף, ~
גערויכערט. ← אויפֿרייכערן 1. מאָכן עס זאָל

זיך רייכערן. א, אַ פּאַפּיראָס אין ווינט.
2. אויסרויכערן, בכּ 4, אָבער נאָר אָנהייבן אָדער ביז דער נייטיקער מאָס. א, אַ פֿישל.

-

אויסרוימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרוימען.

אויסרוימעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). דזוו אויפֿרוימונג (מעגלעך אויך מיט ביטו).

-

אויסרוימען — טרוו. רוים אויף, ~געררוימט.
פּפֿ: ~ראַמען, לד; ~ראָמען, אוקר.
1. ריין מאַכן, ברענגען אין אָרדענונג
צעוואָרפֿענע זאַכן; צוקלײַבן. „דרייא טאָג זיינן דז מען האָט דיר אויף גירוימט אונ, מתקן גיוועזין איין חדר“, נצ1, דבֿרים, נד/ג. „עטליכי חכמים האבן שין אויף גירוימט צום שבת“,

לט1, 2/57. „איין אויגן בליק זאַל זיא זיך ניט
זוימען, אלדינג זאַל זי גאַר עבן אויף
רוימען,„ קוא־בוך, פּפּמ, תּנ״ז, מד/1. „מיר ווערן
מיד א, צוויי שטובן, עס וועט אויסזען ווי
בײַ אַ רבֿ״, אַש, תּהילים־ייִד. *א, ווי ערבֿ
פּסח, ווי אויף פּסח, ווי צום סדר = זייער
גרינטלעך א'.
2. אַוועקנעמען פֿון אָרט און באַהאַלטן אין
אַן אַנדער אָרט. מבֿער זײַן. א, קאָנטראַבאַנד,
טאַבעק אָן באַנד(ע)ראָלן. *א אַ גניבֿה =
,
באַהאַלטן געגנבֿעטע זאַכן. *א אַ שטוב =
,
אויך אַרויסגנבֿענען פֿון אַ שטוב. *א, פּסחדיק
= אַלץ אַרויסגנבֿענען. „דו זאָלסט זען למען
השם דעם סטרעכאַן [= בעכע] וואָס דו
ווייסט שוין אויפֿצורוימען,„ יפּ [אין מגלה

אויפֿרוימעניש

טמירין: „שתראה למען השם להטמין את
הסטרעכאן הידוע״, סד/ז]. „האָט מען אַלץ
געהאַט בעו״ה די גרויסע אַרבעט מיט גרויס

דערשרעקעניש דעם רבי אויפֿצוראָמען“, '
גדולת ר, וואָלף..., [יפּ]. „וואָס טויג איך צו פֿאַר
זאָמען, לאָמיר בעסער גיין אַהיים דאָס ביסל
ס ורה אויפֿראָמען“, טעיאַטאָר.
אויסרוימעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿרוימען.

אויסרוימער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿרוימען.

אויסרוישן — רויש אויף, ~גערוישט. אוטוו
— מיטאַמאָל אָנהייבן רוישן, טומלען,
ליאַרעמען. דער ים רוישט אויף. טרוו —
פֿאַרטומלען. א, דעם קאָפּ. א, די וועלט. אויך:
אויפֿרודערן. „דער וואונדערמאַן וואָס ער האָט
אויפֿגערוישט...גאַנץ ווילנע“, אמד, דער אידישער
פּאָסלאַניק, ווילנע 1880.

אויסרומפּלען — ← אויפֿרימפּלען.
אויפֿרונצלען — טרוו. ־צל אויף, ~גערו ־

צלט. אויך מיט ז י ך. [אין לד נבֿ].
אויפֿקנייטשן; אויפֿפֿאַלדן. א, דעם שטערן בעתן קלערן.

□

אויסרו□; — דער, ־ן. אַקט אָדער מיטל פֿון אויפֿרופֿן, ספּעצ: 1. עפֿנטלעכע (געשריבֿן אָדער בעל־פּה) ווענדונג צו אַ גרופּע.
קולקורא. אויסהענגען א'ן אויף דער וואַנט. אַן א, וועגן □צו) אַן אַלגעמיינער מאָבֿיליזאַציע.
2. ווענדונג צו אַ יחיד וועגן אַ שליחות. „ווען דו וועסט דעם א, הערן, ענטפֿער פֿעסט און ענטפֿער מוטיק: רייד, מײַן גאָט, איך וועל דיך האָרכן, כ'בין באַרייט אויף דײַנע שליחות'...“, יהואָש, 'עלי און שמואל'. 3. דאָס אויפֿרופֿן צו דער תּורה בײַם נאָמען און פֿאָטערס נאָמען [למשל: יעמד (החתן) ברוך ברבֿ שמואל, מי שבֿרך הוא יבֿרך, ונאמר אָמן].
אויפֿרופֿונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער מיטל פֿון אויפֿרופֿן. די א, פֿון די נעמען.
2. אויפֿרוף.

-

אויסרופן — טרוו. רוף אויף, ~גערופן
1. צונויפרופן, צוזאַמענרופן (מיט אַ שריפטלעכער ווענדונג אָדער בעל־פּה) אַ צאָל מענטשן. א, צו אַ פּאַר אַמלונג, א, צו אַ זיצונג. א, צו אַ דעמאָנסטראַציע. 2. אָפּיציעל פּאַרבעטן. א, צו אַ שׂמחה. 3. רופן, מע זאָל אַרויפקומען. "בעסער איז זייא זאָלן דיך אוף רופן צי זיך...,,, מס, משלי תקע"ד, כה, 7 ['טובֿ אָמר לך עלה הנה'. תּי: ,,בעסער מע זאָל דיר זאָגן: 'קום אַרויף אַהער'"].
4. רופן (עמעצן וואָס איז שוין געוואָרן בר־מצווה) אַרויפצוגיין אויף דער בימה און שטיין לעבן בעל־קורא בײַם לייענען פון דער תּורה; געבן אַן עליה. ,,צו דער תּורה האָט מען אים אויפגערופן; יעמד ר, שניאור זאבֿוואָלף ברבֿ שרגא־פייבוש", ממוס, ווינטנופ. [די וואָס זייערע נעמען זײַנען ניט קיין לשונקודשע (אויך אָנגענומען ווי לק, למשל שניאור) קריגן דערבײַ ווי אַ צוגאָבֿ דעם לקעקוויוואַלענט: דבֿ־בער, אריה־לייבֿ אאַ אָדער אַ טראַדיציאָנעל צונויפגעפּאָרטן, למשל:

אליקום־געצל, אָדער יקותיאל־געצל.] א, כהן, א, לוי; א, שלישי...ששי. א, צ ו דער תּורה.

486

א, צ ו אַן עליה. *א, (עם) כל הנערים =
א) א, אויך אַ גרופּע ייִנגלעך פֿאַר בר־מצווה אָדער צוזאַמען מיט אָט דער גרופּע

שׂמחת .

תּורה; בּ) געבּן עמעצן 'כּבֿוד, אויף אַ צווייטראַנגיקן אופֿן, כּלאחר־יד. „דער שמש אַשטייגער...לאָזט זיך א, שׂמחת־תּורה עם כל הנערים, ייִנגלעך ווײַסע־חבֿרה", ממוס, ווינטשפּ. „און, ווארום מן אויף רופּט אם שבּת זיבּן און, ראָש חדש ויר [— פֿיר] און, יום־טובֿ פֿונף [=

פֿינף] און, יום כּיפּור זעקש..." , מנהגים...דורך דאז גאַנץ יאָר [ווענעציע, 1590], הקדמה. „און, מן היבּט אויז לייאט אין דער וואוכן סדרא און, רופּט אויף כּהן, לוי. צום שלישי רופּט מן דען חתן אויף [פֿאַר דער חתונה] און, זגט מרשות,,, דאָרטן, ע/ב. „זיין חתנות דא, מוז דער סגן איין חתן אויף רופֿן לרבֿיעי...זיין פֿיל חתנות, טוז ער זיא אַל נך אנדר אויף רופֿן", תּ ק,

. ,,...
אויף דרייא מאנין: כּהן און, לוי און, ישׂראל — קיגן תּורה, נבֿיאים, כּתובים״, ספֿר המנהגים, אמשט 1723, ה/ב. ,,אַז מע רופּט איינעם אויף אַז ער זאָל עולה תּורה זײַן און ער האַלט צווישן בּרכות קריאת שמע — מוז ער עולה תּורה זײַן״, ספֿר שלחן ערוך, ח״א [זשאָלקווע? אָנהייבֿ 19. יה], ג/ב. ,,ווען מע רופּט איינעם אויף צו דעם ס״ת [= ספֿר תּורה] און ער איז נישטאָ, טאָר מען נישט א אַן אַנדערן בײַ דעם נאָמען, רק מע זאָל

,
אַליין גיין״, דאָרטן, ו/ב. ,,...וואָס מאַכן קורץ דאָס לעבן פֿון דעם מענטשן; ווען מען אים אויפֿרופֿט צו איינער ספֿר־תּורה און גייט ניט אויף״, צור, לך לך. ,,ווען דען אויף רופֿין טונין [= טוען] זיך אויף ישובֿים צענקין [= זיך קריגן]. איך מוז האָבן דען מיינשטן כּבֿוד טואט איטלכער גדענקין״, ▯ה II, יז. *א, יעמוד = אויך: וואַרפֿן אַ באַשולדיקונג אין פּנים אַרײַן; זיך אָפּרעכענען פֿאַר מיאוסע מעשׂים. ״אין דער גאַנצער הינטישער מעשׂה שטעקט אויך זײַן קאַפּ. מע דאַרף אים

א, יעמוד,,. "קוים פוצט זיך איינער אָפּ די שטיוול, רופֿט מען אים שוין אויף מפֿטיר", שוו. [= ווי נאָר איינער קען לעבן אַ ביסל בעסער, גיט מען אים שוין אָפּ כּבֿוד]. ,,מיט שרגא רופֿט מען אויף, אָבער אַ קאָן קען מען ניט אויסנעמען", שוו [שרגא — אַ נאָמען, צוגאָב־נאָמען צו פֿײַוול, אָבער שרגא אין קאָרטן: שעל, רויט, גרין, אייכל, דאָס הייסט פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן — און טויג ניט].

5. עפֿנטלעך מעלדן. א, אַן אָנזעץ. ,,וואָס אַן טרעפֿט שני זהו, פּולניש, אונ, דער נתבע איז עובֿר אין צאָלט ניט, זול מן אין [= אים] אין מרבנות אויף רופֿן,, [= מעלדן אַז ער איז פֿאַרעקשנט, ווידערשפּעניקט], תּקק.

6. אויסרופֿן נעמען לויט אַ רשימה. א, די תּלמידים בײַם אָנהייב לעקציע. אויך א, אַ תּלמיד צו ענטפֿערן. 7. אָפּגעבן כּבֿוד בכלל.

8. אָנרופֿן דעם נאָמען כּדי אויסצומוסרן, פֿירהאַלטן אע. ,,דער קריטיקער האָט אים גלײַך אויפֿגערופֿן און געהאַט צו אים טענות".

אויפֿרופֿן זיך — ← דפֿוו. בעטן, פֿאַרלאַנגען מע זאָל אויפֿרופֿן צו דער תּורה. ,,אַ חתן דאַרף זיך א, אין דער שול..", צעדערבוים,

אוי□רור

געהיימניס פֿון בערדיטשעוו, וואַרשע 1870.
„דער חתן האָט זיך אויפֿגערופֿן דאָנערשטיק
און די חופּה איז געווען אין אַ גוטער שעה
פֿרײַטיק“, בריוו.
אויפֿרופֿנס — דאָס. מצ נב. 1. עליה, יעדער
מין עליה. 2. ספּעציעלע עליה וואָס עס
קריגן אַ בר־מצווה־בחור (דעם שבת פֿאַר דער
בר־מצווה) און אַ חתן דעם שבת פֿאַר דער
חתונה. „אין אָט די בגדי־כּבֿוד האָט מען מיך
אָנגעפּרינדעט דעם שבת אינדערפֿרי וואָס פֿאַר
מײַן בר־מצווה, און מע האָט מיך געפֿירט אין
קלויז צום א'“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, אַדעס
1895. 3. די שׂמחה וואָס מע מאַכט בשײַכות
מיט א', ב2. „אפֿשר וועלן זיי מאַכן אַ חתונה
ווי בײַ דײַטשן? אָן אַן א„ אָן אַ פֿריילעכן
שבת“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „פֿונדעסטוועגן
...אַז עס קומט אַ שׂמחה...אַ בר־מצווה, אַ
קנסמאָל, אַן א'...קומט מען איינס צום אַנדערן“,
שע, מע□יות פֿאַר ייִדישע קינדער II.

-

אויסרוסעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

אויפֿרוף, אויפֿרופֿונג (קען אויך זײַן מיט ביטול).

ספּעצ: אויפֿרופֿנס ←.

אויפֿרופֿעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿרופֿן. אַן א, פֿון נעמען וואָס ציט זיך אַן אייביקייט. „דאָס איז אַ מין א', מע גיט אים ווי אַן ערן־בירגער די העכסטע דערהייבונג", יג. 2. דזוו אויפֿרופֿנס. לד. „די מאַמע איז באַלד אַוועקגעלאָפֿן צוגרייטן אַלץ צו די 'אויפֿרופֿענעס'", קאַצאָוויטש. 3. די גאַנצע פּראָצעדור פֿון אויפֿרופֿן צו דער תּורה. י. קריזאָווסקי דערציילט: פֿלעגן מיר [אַ גרופּע ייִנגלעך] אַוועקגיין און

„

זיך פֿאַרקלײַבן אין דער קאַלטער שול, אַרויסנעמען אַ ספֿר־תּורה...און זיך ש פּ י ל ן אין א': יעמוד...הכּהן...".

-

אויסרוסער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס רופֿט אויף. „אַליין די א'קע, אַליין די קעכין, אַליין די סאַרווערקע", רייד.

2. (נאָר אַ מאַן) ווער עס גיט די עליה צו

דער תּורה. „דער א, האָט זיך טועה געווען און האָט אויפֿגערופֿן דעם בעל־ששי — שלישי. האָט דאָס יענעם פֿאַרדראָסן...‟, קמ, 1866, No 8. אַן א, וואָס קרוינט אַלעמען 'מורנו, = אַ חונף, עמעצער וואָס האָט אַ טבֿע צו געבן ניט־פֿאַרדינטע טיטלען.

-

אויסרוקן — טרוו. רוק אויף, ~גערוקט.
1. אַרויפֿרוקן, אַרויפֿהייבן. א, די ברילן אויפֿן שטערן. 2. אָפּרוקן, אָפּעפֿענען. „זיי האָבן ...אויפֿגערוקט דאָס פֿענצטער און אים אַרויסגעשלײַדערט‟, אָפּאַ, 'מאָריס און זײַן זון פֿיליפּ'. 3. צונויפֿרוקן, צונויפֿברענגען, צונויפֿשטעלן. א, די בענקלעך. 4. אַרײַנרוקן, אַרײַנפּאַקן (וועגן עסן). „מע האָט שוין יאַקאָש אויפֿגערוקט די פֿיש, אָט דאָ שטעלט זיך מײַן בדחן אויפֿן טיש‟, ייִל, וועלט־לוח, תּרמ„ג.

▯

אויסרוקן זיך — קזוו. ← דפֿוו. צונויפֿרוקן זיך נענטער; דערנענטערן די שטאַנדפּונקטן, פֿאָדערונגען. „די צדדים רוקן זיך אויף, עס

וועט קומען צו אַ פּשרה“. „אין ליכט האָבן
ווײַטן זיך אויפֿגערוקט“, לאַפּין, פֿולער קרוג.

-

אויסרור — דער, ־ן. אַרכ. דטשמ. ← אויפֿריר.
טומל, בהלה, צעמישעניש. בונט; אויפֿשטאַנד;

אויפֿריגלונג

„דוא ווײשט וואז ווער [פֿאַר] איין אויף רור
איז גיוועזין אין ג, ימים מין אַז בּ, מאות
עגלות זיין גנגין אויז דער גאַס“, 'אַ פּעקל
בּריוו אין ייִדיש פֿון יאָר 1588', [בּ. ווײַנריבּ,
הש II]; „אלש דיזוז גשעהין איז ווערט איין
גרויש טומל אונ, אויף רור אין גנצין מרק,
דען איטליכר פֿערכט זיך מן ווירט גפּלינדרט“,
'אַ פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1792 [ש
פֿריד.
לאַנד, וואַכשטיין־בּוך, ייִוואָ]. „ס'רעשט זיך
דאָרט...אַן א', אַ געטומל“, מ. דאַווידזאָן, דער
ליִעווער רבּי. „אין דעם א, און אין דעם
אויפֿרעג צווישן די פֿרײַנד“, בּצג, טמז, 4 IX 1954.
אויפֿריגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אַדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿריגלען.

אויפֿריגלען — טרוו. ־גל אויף, ~געריגלט. עפֿענען, אַראָפּנעמען דעם ריגל. „אויפֿן פֿאָטער זײַנעם וואַרט איך, ער זאָל א, דעם ריגל פֿון מײַן טראַכט„, צײַט, געזאַמלטע לידער II.

אויפֿריגלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַליין זיך בּאַפֿרײַען פֿון ריגל. „און ס'האָט דער רוים פֿאַר אים זיך אויפֿגעריגלט“, פּמ, מל□ומ□.

אויפֿריגלעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿריגלען (זיך).

אויסריגעווען — ← אויסריגעווען.

אויפֿרידלען — טרוו. ־דל אויף, ~גערידלט. אויפֿגראָבּן מיט אַ רידל, בּכלל מיט אַן אײַזן. א, דעם גאָרטן.

-

אויסריזיקירן— אוטוו. ־קיר אויף, ~(גע) ריזיקירט. מיטאַמאָל אָנהייבּן אָדער ענדיקן ריזיקירן, אײַנשטעלן. פֿאַר אַ ליגן ריזיקירט מען אויף מיטן קאָפּ.

אויפֿריזלען — ־זל אויף, ~געריזלט. אוטוו □אָנהייבּן פֿליסן פּאַמעלעך און מיט אַ שטיל

גערויש   פֿרילינג־וואַסערלעך ריזלען אויף,,..
. ,,
טרוו, נעאָל — מאַכן עס זאָל ריזלען. ,,[זי האָט] אַלע קעלטן אויפֿגעריזלט" [= געמאַכט עס זאָל דורכגיין דורכן לײַב קעלט מיט אַ ציטער פֿון פֿליסן], בראָד, אַלדאָס גוטס.

-

אויסריזען — דזוו אויפֿגריזען ←. ל2. אויך מיט ז י ו. ,,זינט ער האָט געהערט די בשׂורה, האָט ער אָנגעהויבן ריזען זיך, ביז ער האָט זיך אויפֿגעריזעט", רייד (פּאָד).
אויפֿריטשען — ־טשע אויף, ~געריטשעט.
אוטוו — מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ) אָן,
הייבן אָדער אַרויסגעבן שאַרפֿע קולות. א, ווי אַ חיה. א, ווי אַ חזיר ווען מע קוילעט אים.
טרוו — עפּעס זאָגן ריטשענדיק. א, אַ באַפֿעל.
-
אויסרײַבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרײַבן.

▯

אויסרײַבן — טרוו. רײַב אויף, ~געריבן.

1. דורך רייַבן עפּעס טאָן. א, צימרינג. א, אַ שוועבעלע. 2. אויסרייַבן, צערייַבן. א, אַ שטיין אויף פּאָרעך. 3. אויפֿפּרעסן. א, אַ ברויט און זיך ניט קיין קנייטש טאָן. 4. צעממיתן (ספּעצ בײַם באַרימען זיך). איך וועל אים א, און מאַכן פֿון אים אַש. א, און צונויפֿמישן מיט שטויב.

אויפֿרייבן זיך — ← דפֿוו. 1. אָן מי, אַזוי

--

ווי פֿון זיך אויפֿגעריבן ווערן. ס'האָט זיך אויפֿגעריבן אָ שוועבעלע. 2. זיך אַליין

אויס487

שמירן. זיצן בײַם אויוון און א, זיך אין ליים ווי אַ מילנער אין מעל.

אויסרייַבעניש — דאָס (ד), ־ו.

געדויערד ער פּראָצעס פֿון אויפֿרייַבן (זיך).

י

אויסרייד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿריידן (זיך).

אויסריידן — → אויסריידן. פּפֿ: ~רעדן.
אוטוו — אויפֿהעצן; אָנרעדן רכילות. א, אויף עמעצן, ס'זאָל אים ווערן ענג אין שטאָט. טרוו — צוריידן און פועלן. א, מענטשן צו טאָן עפּעס.
אויפֿריידן זיך — → אויסריידן. פּפֿ: ~רעדן זיך. קזוו. 1. קומען צו אַ הסכּם, אָפּמאָכן צווישן זיך. „און גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך אויפֿגערעדט פֿון פֿריִער אַלע דרײַ“, שע, 'ווי שיין איז דער בוים'. „...ווי ער האָט שוין מיט אײַך דורך בריוו זיך אויפֿגערעדט“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887. 2. זיך פֿאַרשטיין דורך רייד, צונויפֿריידן זיך. „און גאָט וועט אויף דיר אָנשיקן אַ גוי...וואָס דו וועסט ניט קענען מיט אים זיך א'“, שע, 'לשנה טובֿה'.

אויסריידעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויפֿרייד, אויפֿריידעניש (אויך מיט בּיטול).

אויסריידעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿריידן (זיך).
אויפֿרייטלען (זיך) — טרוו. רייטל (זיך) אויף, (זיך) ~גערייטלט. ← אויפֿרויטלען (ז—ך).

אויסרייכערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרייכערן. א, פֿון בשׂמים.
אויפֿרייכערן — טרוו. ־ער אויף, ~ גערייכערט. ← אויפֿרויכערן. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן רייכערן. א, אַ ציגאַר. 2. אויפֿקאָפּטשען, אויפֿוויאָנדזלען. א, פֿלייש פֿיש.
3. אויספֿאַרטיקן וויפֿל עס איז נייטיק (מיט אַ פּראָצעס וואו עס איז פֿאַראַן אויך ברענען). א, בראַנפֿן.
אויפֿרייכערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אויף, זיך ~גערייכערט. ווערן אויפֿגערייכערט. דאָס נאַסע האָלץ רייכערט זיך אויף פּאַמעלעך, און די שטוב ווערט פֿול מיט טשאַד.
אויף; ריין — אַדוו פֿראַזע. אין דער ריינער (ענדגילטיקער) פֿאָרעם. פֿריִער אָנשרייַבן אויף שוואַרץ און דע נאָך עס איבערשרייַבן א, ר,.
סוב. דער אויפֿריין. אָפּגעבן דעם א, דעם לערער, דעם באַשטעלער.

אויסרייניקונג — די, ־ען. פּראָצעס אַדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרייניקן.
אויפֿרייניקן — טרוו. ־יק אויף, ~גערייניקט. (אויס)רייניקן ביז דער נייטיקער מאָס, אַלץ וואָס מע דאַרף. א, דעם מושבֿ, די שטוב, דעם טיש אאַזוו.
אויפֿרייניקן זיך — ← דפֿוו. אויך: אויסבעסערן זיך, תּשובֿה טאָן.
אויפֿרײַס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
--
פֿון אויפֿרײַסן (זיך), עקספּלאָזיע. „דער ים האָט אַ ציטער געגעבן — ווי אַן א, וואָלט געשען אין אים“, אַש, משה. „איך בין יאָ דערווײַל נאָך דאָ, אין א, ניט צעריסן„, הל, אין טרעבלינקע... „יעדער קרעכ . — אַ פּלעסנדיקער א'„, פּמ, מלחמה. א'־באָמבע, א'־

פּולאויפּרײַסן

ווער, א'־שטאָף. „אין פֿאַל פֿון פֿלימאַשין, אין ליכט פֿון א'־הילך, שרײַ איך אַרויס...“, מלה,

, דעם וואָס זוכט מיו'.

אויסרײַסוואַרג — דאָס, ־ן (פֿאַרשיידענע מינים). סכום אויפֿרײַס־מיטלען, אויפֿרײַסמאַטעריאַלן, אויפֿרײַס־וואָפֿן.

אויסרײַסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזו טאַט פֿון אויפֿרײַסן (זיך).

אויסרײַסיק — אַדי. וואָס מע קען (אָדער קען זיך) אויפֿרײַסן. א'ע שטאָפֿן. א'ע קאָנסאָנאַנטן = די מאָמענטאַנע, ניט־געדויערדיקע, למשל: ד, ט; ג, ק. נעאָל.

אויסדײַסיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט צו זײַן אויפֿרײַסיק. כּוח פֿון זײַן אויפֿרײַסיק. מע קען מעסטן די א, פֿון פֿאַרשיידענע שטאָפֿן.

-

אויסרײַסן — אוטוו. רײַס אויף, ~געריסן.

-

1. פּלאַצן, עקספּלאָדירן. אַ באָמבע, אַ מינע

רײַסט אריף. „דאָס וואָרט איז אומגעדולד...די
צײַט וויל א', דאָס וואָרט וויל א'...און זאָל
זײַן אונטערגאַנג — אַבי אַ דונערגאַנג!“,
צײַט, מטטרון. 2. (געשוואָלן ווערן) אָנגעגאָסן
ווערן מיט אייטער און פּלאַ􀀀ן. אַ געשוויר
רײַסט אויף. „ווען איין מכּה גאַנץ הייל [אין
לט2 „פּאַרהיילט“] איז, אונ ער פּערכט זיך דר
אים ניט ווידר ווערט [= וועט] אויף רײַסן,
דא טאָר וואול דרויף ליגן טיכר“, לט1, 2/78.
אויפֿרײַסן — טרוו. ← דפּוו. 1. מאַכן עס
-
זאָל פּלאַצן, עקספּלאָדירן (מיט ספּעציעלע
שטאָפֿן, מאַטעריאַלן, מיטלען). א, די מויערן.
א, אַ בריק איבער אַ טײַך. א אַ פֿעלדז בײַם
,
דורכפֿירן אַ וועג. אַ וואַסער־מינע רײַסט אויף
אַ שיף.
2. אויפֿברעכן. א, אַן עפֿענונג. א, די טיר
מיט אַ בראָכשטאַנג. „זאָלסט דיך גוט
פֿאַרשליסן פֿון אינעווייניק אַז מע זאָל נישט קאָנען
א, קיין טיר, קיין פֿענצטער“, די מע􀀀tה איז
געשען אין די צײַטן פֿון בעל שם טובֿ
הקדוש, לעמבערג 1887. 3. האַסטיק

אויפֿעפֿענען פֿונאַנדערעפֿענען. א, די טיר צו זען
,
ווער עס שטייט אויף די טרעפּ. *א, דעם
אָרון־קודש — פֿונאַנדערציִען דעם פּרוכת,
אויפֿ־־־
עפֿענען די טירלעך פֿון אָרון־קודש און מיט
אַ ביטער געוויין תּפֿילה טאָן (פֿאַר אַ קראַנקן,
בײַם בעטן הילף פֿון הימל אין אַ גרויסער
צרה). א, די ערד = אויך אויפֿאַקערן רויערד.
"נאָענט גייט אַרום דײַן טאַטע, רײַסט אויף
ברייט די ערד", איזי כאַדיק, 'ברויט'.
4 פֿונאַנדעררײַסן, צערײַסן; אַראָפּרײַסן. א,
.
דעם זיגל. א, דעם קאָנווערט. א, דעם אַרבל
צו פֿאַרוויקלען די וואונד. א, דעם
פֿאַרשפּיליעטן מאַנטל. „ער האָט איר אירי קליידר
פֿארנן [פֿון פֿאָרנט] אויף גיריסין„, לט1, 2/54.
„נאָך אַ רגע...ווען ווערן אַלע לאָגלען
אויפֿגעריסן", יהואָש, 'מײַ־רעגן'. „דעם שוואַרצן הימל
רײַסן אויף אָן אַ שיעור טיפֿע בליצן", בערג,
בײַם דניעפּער I . *א, אַ וואונו = א)
אַראָפּרײַסן פֿון וואונד דעם באַנדאַזש; ב) דערמאָנען
אומגליק, צרה, חרפּה און מיט דעם שטאַרק
ויי טאָן. א, זיך די וואונדן. „נון מאג איו ניט

לענגיר היר אויף האלטין און, מייני וואונוין
אויף דאָז נייאי [= אויפֿדאָסנײַ] ווידר אויף
רייסין“, גה, 228. א, (אַן) אַלטע וואונד(ן) =

□

אויפֿרײַסן זיך

דז וועגן אַמאָליקע, (האַלבֿ־)פֿאַרגעסענע צרות,
חרפּות אע.
5 פֿונאַנדערעפֿענען מיט כּוח. א, דאָס מויל
.
און אַרויסציִען אַ צאָן. א, די פֿינגער און
צונעמען אַ מטבע. „האָט [ער] גינומן איין טבעת,
אונט האָט דער בּתולה דיא הנט אויף גריסן,
אונט האָט גיוואלט אַן טאָן דאש פֿינגרל, אונט
גיוואלט זאגין 'הרי את'“, שו“ת עבֿודת
הגרשוני פֿפֿמ 1699 [השׁ I]. *א, דאָס מויל =
,
אויך: א) אָנהייבּן אָפּענטפֿערן גראָבּ,
זידלען; בּ) פּראָוואָצירן עמעצן, יענער זאָל זאָגן
עפּעס וואָס איז ניט אָנגענעם, אויסזאָגן אַ סוד,
דערציילן דעם אמת אע. „רײַס מיר נאָר ניט
אויף דאָס מויל, דו אַלטער שיבּעניק איינער!
דו האָסט פֿאַרטאַכלעוועט דעם זילבּערנעם כּ...

[כּתר]‟, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, אַדעס 1895.
*א, מײַלער = בּרענגען צו רכילות, צו אַ געזעלשאַפֿטלעכן סקאַנדאַל. „ווי ערלעך זיי מעגן זיך האַלטן, גלאַט כּשר קען קיין טאַקסע ניט זײַן. צוּוואָס מײַלער א'?„, צעד.
6. מיט כּוח, איבּערגוואַלד אַרויספֿירן פֿון איין צושטאַנד אין אַ צווייטן. א, די שטילקייט מיט אַ געשריי. א, עמעצן פֿון פֿאַרחלומטקייט. א, פֿון שלאָף. „זאָלסט נאָר הײַנט נישט אַזוי אײַנשלאָפֿן ווי נעכטן. מע האָט דיך נישט געקאָנט א'„, יק. „בּכן בּין איך געקומען אײַך וועקן, א, פֿונעם שלאָף און שרײַען אײַך אין אויער אַרײַן...‟, שע, מע▯יות און פֿאַנטאַזיעס.
*א, די אויגן = ▯) מיט שווערקייט זיי עפֿענען (מחמת פֿאַרשלאָפֿנקייט). „עס איז אַ מיראַזש, אַ וויסטער חלום — מע דאַרף נאָר די אויגן א'‟, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. אויך: ניט קענען א, די אויגן = זײַן שטאַרק פֿאַרשלאָפֿן; בּ) בּרייט פֿונאַנדערעפֿענען די אויגן (פֿאַרחידושט פֿאַרוואונדערט). „דײַנע
,
או▯גן האָ▯טו אויפֿגעריסן, ווילסט עפּעס זאָגן מיר...„, יהואָש, 'עראינערונגען,. „...פֿון גרויס

טשיקאַוועס א, די אויגן, קוק□ אויף זיי און
גאַפֿן“, בערג, בײַם דניעפּער I. *א, לײַטן
(מענטשן, דער וועלט, דער שטאָט א□) די
אויגן = אַרויסרופֿן קנאה (דורכן פֿירן זיך רײַך,
פֿאַרשווענדעריש, מיט לוקסוס, טראָגן טײַערע
צירונגען אע). „קלייד זיך באַשיידן. מע דאַרף
ניט א, די אויגן בײַ לײַטן„„ רייד. „ייִדן זענען
אויף זיי להרוג ולאבד, למאַי זיי רײַסן אויף
גויים די אויגן“, שע, אין שטורעם. „צוּוואָס
דאַרפֿסטו מיט איר אַרומגיין? אַבי א, לײַטן
די אויגן„„ איציק קיפּניס, אונטערוועגנס.

□

אויסרײַסן זיך — ← אויפֿרײַסן, אוטוו, טרוו□
ספּעצ: 1. אויפֿכאַפּן ז□ך מיטאַמאָל (
האַסטיק) פֿון שלאָף. “מענטשן איבערגעשראָקענע
האָבן זיך אויפֿגעריסן פֿון די געלעגערס“,
אָפּאַ, טענצערין. 2. גיך, מיט אימפּעט
אויפֿשטיין (אויפֿהייבן זיך פֿון אָרט, אַוועקוואַרפֿן
אַן אַרבעט). „ס'איז טאַקע געווען אַ
נאַרישקייט וואָס איך האָב זיך אויפֿגעריסן אין מיטן

דערינען און אַוועקגעוואָרפֿן די ספֿרים,,, ממוס, שטורעמצײַט. ,,די עדה האָט זיך אויפֿגעריסן פֿון די ערטער ווי איין מענטש“, אָש, משה. ,,ער טוט זיך אַ רײַס אויף פֿון טיש...די שטול פֿאַלט אום,,, באַש, פֿאָר, 3 .8 1958 XII. אויפֿ עפֿענען זיך גיך, מיט כּוח. ,,די טיר האָט זיך

ניט געעפֿנט, נאָר זיך האַסטיק און שנעל אויפֿגעריסן,,, ספּ, סודות. ,,א, וועט זיך פֿאַר אי .
דער צוקונפֿטס שלייער־טוך“, יהואָש, 'גאָטס גערעכטיקייט'.

אויסרײַסעכץ — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרײַסן (זיך). אויך מיט ביטול.

אויפֿרײַסעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿרײַסן (זיך). 2. גאווה, שטאָלץ, פֿאַרריסנקייט. ,,אינמיטן די צוויי קליינע אָרעמע הײַזער איז מיט אַ נגידישער א, געשטאַנען אַ גרויסע דרײַשטאָקיקע געבײַדע“, דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 22 X 1957.

אויסרײַסער — דער, ־ס. ווער עס רײַסט אויף פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿרײַסן. די א'ס

,

אין די קוילנגריבער.

אויפֿרײַסערײַ — דאָס (די), ־ען. 1. טואונג פֿון אויפֿרײַסן פֿילמאָליקע אויפֿרײַסונג. אַן

.

א, וואָס הילכט אין די אויערן. 2. דאָס אויפֿרײַסן די אויגן. „שו▯ן צײַט דאָס מיר זאָלן אָפּשאַפֿן דאָס א, אין קליידונג און אין וואוינונג“, אמד, די שטיפֿמוטער, וואַרשע 1876.

-

אויסרײַסעריש — אַדי. נעאָל. וואָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, וואָס רײַסט אויף די אויגן. „דער האַלדז — פֿעטלעך, ווײַס און ווײַבלעדא,“, דלןזשנאָווסקי, פֿאָך, 27 XII 1959.

אויפֿרײַס־פּאַטראָן — דער, ־ען (־עס).

-.

פּאַטראָן וואָס גיט דעם פֿונק אויפֿצופֿלאַמען דעם אויפֿרײַס־שטאָף פֿון דער באָמבע אע.

אויפֿרייץ — דער, ־ן. אַקט אַדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרייצן (זיך). „יעדנס לײַב — אַן א', יעדנס מויל — אַן אויפֿרײַס“, הל, לידער. „די א'־פֿעאיקייט פֿון דער צענטראַלער נערוון)סיסטעם“, ט. בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927.

אויפֿרייצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿרייצן (זיך). נערוון־א'.
אויסרייצן — טרוו. רייץ אויף, ~גערייצט.
1. מאַכן פֿילעוודיקער, סענסיטיווער. א, די
חושים. א, די נערוון. 2. אויפֿוועקן, מאַכן
שטאַרקער (וועגן געפֿילן, באַגערן). א, דעם
אַפּעטיט. א, דעם חשק צו עפּעס, צו עמעצן.
,,דער יצר־הרע האָט געמיינט צום שלעכטן
דורך א, שלמהלעס...פֿײַערדיקע נשמה", ממוס,
שלמה. "...מיט פֿאַלשע צניעות־בליקן
אויפֿצוריייצן מײַן פֿאַרלאַנג", יהואָש, בלומען און
דערנער. 3. מאַכן עס זאָל מער אָדער
ווידער וויי טאָן. א, אַ וואונד, אַ מכּה. *א, אַ
(אַן אַלטע) וואונד = דערמאָנען (אַלטע,
אַמאָליקע) צרה און מיט דעם וויי טאָן. ,,זי האָט ניט
געוואָלט א, זייערע אַלטע וואונדן", ספּ,
גליקלעכע און אומגליקלעכע. 4. אויפֿרודערן,
אַרויסברענגען פֿון מצבֿ פֿון רואיקייט. א, דאָס
געמיט. א, געדאַנקען. ,,דער סאָרט צײַטונגען
און ביכער קענען א, די העכערע קלאַס
מענטשן,,, ספּ, יִדישער קאָלאָניסט. 5.
אַרײַנברענגען אין כּעס, אַרויסרופֿן שלעכטע געפֿילן
אויפֿהעצן קעגן עפּעס, עמעצן. א, דעם המון.
,,...רייצן אויף אַלע שטעטלשע הינט...עס ווערט

אַ געשלעגעריַי„,, ממוס, שלמה. „זיי האָבּן גד
מיינט דאָס די יהודים האָבּן אויפֿגערייצט די

אויפֿריכטן

ישמעאלים...אויף די נוצרים“, אמד, קורות
ירושלים, ווילנע 1862.

אויפֿרייצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ווערן
סענסיטיווער, ווייטיקדיקער, אויפֿגערעגטער. פֿון
קראַצן רייצט זיך אויף דאָס בײַסעכץ. באַגערן
רייצן זיך אויף.

אויפֿרייצ(עווד)יק — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (לאָזט זיך) אויפֿרייצן. אַן א, געמיט. אַו
א'ער עולם.

אויפֿרייצ(עווד)יקייט — דאָס (די), ־ן.
נעאָל. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן
אויפֿרייצ(עווד)יק.

אויפֿרייצער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס רייצט אויף. דער א, צו מחלוקתן.
2. מיטל, סטימול אויפֿצורייצן.

אויסרייצעריש — אַדי. נעאָל. וואָס א ז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אויפֿרייצער. א'ע
מעטאָדן.

אויפֿריכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿריכטן (זיך). דערלעבן אַ
ישועה, אַן א'. די א, פֿון דער ווירטשאַפֿט.
,,אונדזער צרה איז זייער קלאָמפּערשטע א'“,
אָקרוטני, טמז, 8 □ 1953 II.

אויפֿריכטיק — אַדי. rihtie־□□ו:Mhd.
1. אַרכ. וואָס שטייט גלײַך, איז אַרויפֿצו און
גלײַך. ,,איז איין דיקער □□ויף ריכטיגר בוים
גישטאנדן,,, לט1, 2/152. 2. ערלעך, וואָס
איז אָן פֿאַלשקייט. ,,און, זול דער נוך זיין
הנדיל אויף ריכטיג טרייבן,,, ספֿר המנהגים,
אַמשט 1723, ד/כ.
3. אמתדיק; עכט; וואָס איז אָן פּניות, אָן
זײַטיקע (אייגענע) כּוונות. גוט (גינציק) ווי אַן
א'ער פֿרײַנד. ,,בעסער אַן אָפֿענער פֿײַנד איידער
אַ ניט־א'ער פֿרײַנד“, שוו. ,,דער קנעכט איז
געווען קלוג □ון א, אין אַלע זאַכן וו□ס דער
מלך האָט געבאָטן“, חה, 25. אַן א'ע באַציאונג.
,,...האָט ראשית־כּל געהאַט אַ זייער א'ע ליבע
צום ייִדישן טעאַטער“, מוק, מײַנע
באַגעגענישן. ,,אַן א'ער אַוועקשטעל פֿון די פֿאַקטן“,
אפֿאַ, טמז, 4 .25 1953 XII. טיף,
דורכדרינגעוודיק. א'ע געפֿילן. ,,איר זענט דאָך די פֿרוי

אַלעמאָל נאָר חושד, עס איז קיינמאָל נישטאָ
צווישן אײַך קיין א, צוטרויען“, ווײַס I, ,איינער
אַ מענטש'. ,,האָט זיך דערפֿילט די גרויסע
תּשוקה זייערע א, פֿאַרשטיין דעם שבֿתדיקן
מאמר“, לדבֿ, 388. “א'ער פֿאַרשטאַנד,,, דאָרטן,
.434
אויפֿריכטיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אויפֿריכטיק. מלל
פֿאַרטײַטשט: ,תּם וישר יצרוני, (תּהלים, כה,
21) — א, [תּי: ערלעכקייט]. ,,זײַן קראַפֿט
איז באַשטאַנען אין זײַן אמת, אין זײַן א,“,
ספּ, סודות. ,,עש איז (תּורת אמת) אונ, אייטל
אויף ריכטיקייט“, מהמ, א/בֿ.
אויפֿדיכטיקלעך — אַדי. 1. אַרכ. אמתדיק,
יושרדיק, תּמימותדיק. ,,דש דריט איז דש מן
אים פֿרעגט: האשטו רעכט אויף ריכטיגליו
גיהאנדלט אונ האשסו קיינם נישט און רעכט
[= אומרעכט] גיטאן,,, לט , 1/105. 2. פֿקפֿ
פֿ ריכטז
— טדוו. ריכט אויף, ~געריכט.
אויפֿריכטיק. אַ ביסל אויפֿריכטיק.
אוי
[אַרויסרייד אויך: ~רעכטן, ~ראַכטן]. אַרב

בײַטעם. □. אויפֿגעריכט ווערן). 1.
אויפֿשטעלן גלײַך. ,,'הקם, — ער אויף גריכט
אלין,,, ,טײַטש פֿון אַקדמות', פֿירט 1694
[פֿש III]. מ□ פֿאַרטײַטשט שטענדיק 'והקימותי',
— ,,און, איך וועל אויף ריכטן“, מלל: 'זוקף
כּפֿופֿים, — ,,ריכט אויף“. א, די בּוקנדיקע, אין
לשון פֿון סידור־טײַטש.
2. ווידער אויפֿבּויען (וואָס איז חרובֿ). א,
דעם בּית־המקדש בּמהרה בּימינו. ,,זייא איין
דינר פֿון גאָט גטרייא, דען ווערט אונז גאָט
בּאלד אויף ריכטן סוכּת דוד איין שין גבּייא“,
□tה II, ו. ,,עס זאָל זײַן דער ווילן פֿון פֿאַר
דיר, גאָט אין הימל...אַז דו זאָלסט ווידער א,
דײַן שטאָט אינגיכן,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'. א,
ארץ־ישׂראל. 3. אויפֿבּויען בּכלל. ,,דש משכּן
וואַר אם ראָש חודש ניסן אויף גריכט,,, ספֿר
המנהגים, אמשט 1723, י/ב.
4. אויפֿהייבּן פֿון אונטן אַרויף; העכער
מאַכן געזעלשאַפֿטלעך, גײַסטיק. מלל
פֿאַרטײַטשט ,יתום וא□מנה יעודד, (תּהלים, קמו,
9): ,,אויף ריכטין“ מיט אַ צוגאָבּ ,,מה שפּירושו

תקומה והתרוממות,,. תי פֿאַרטײַטשט 'מאשפּות ירים אבֿיון, (שמואל א, ב, 8) ,,ער ריכט אויף פֿון שטויבֿ דעם אָרעמאַן". מײַן גאָט, בוויליג מיך מיט דיר באַרמונג דײַנע גרושע אונ ענטפֿער מיך און לייטזעליג מיך ריכט מיך אויף אונ דער הייבֿ מיך", סדר תחנות ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבֿערדרוק פֿון דירנפֿורט 1798].

5. גרינדן, שאַפֿן. ,,....וואָלין זיא איין חבֿרה אויף ריכטן...אונ, זיא ווערלין פֿייארונג [הייצמאַטעריאַלן] קאפֿין [= קויפֿן] בימי הקיץ", 'פּנקס קהלת אה,,ו', כרוז פּ,,ד, תפּ"ו [1726]. [אָסף, ייִבֿל XXXIII]. ,,די חבֿרה...האָבן זיך אַ קינדערשול אויפֿגעריכט", עמוד היראה, אונגוואַר 1867.

6. אויסהיילן און שטעלן אויף די פֿיס; ברענגען צוריק צום לעבן. דער גוטער דאָקטער הימל) וועט א'. ,,עש ווערט קומן דער המשיח אונ, הקבֿ"ה ווערט אויף ריכטין דיא ישני עפֿר", נצ1, דבֿרים, מח/ג.

7. העלפֿן, ראַטעווען פֿון אַ שווערער לאַגע, פֿון אַ סכנה. ,,ריכט אויף, אָ לעבֿעדיקער גאָט, דעם וואָס קומט אום", ממוס, זמירות. ,,השם יתבֿרך זאָל זיך מרחם זײַן און אונדז א'".

8 פֿאַרריכטן, מאַכן ווי נײַ. (פּד). "אַ

גאַנצן זומער ליגט עס פֿאַרזעצט אין שענק;
אלול־צײַט אַז מע ברענגט עס מיר
אויפֿצוריכטן...", פּרץ, ,דאָס שטרײַמל'. ,,וואָס וואָלט
איך געטאָן? איך וואָלט אויפֿגעריכט די שול!",
פּרץ, 'דאָס קראַנקע ייִנגל,.
9. דערציִען, אויפֿברענגען. ,,וועט ער זוכה
זײַן צו א, גוטע תּלמידים און וועט וואָס װײַטער
גרעסער ווערן", אור עולם, ח,,א, נעתּק ע"י
ר, י ראל ממינסק, ווילנע 1865.
אויפֿריכטן זיך — ← דפֿוו. אויפֿהייבן זיך,
אויפֿשטעלן זיך, אויסגלײַכן זיך. אז ער אָן
היבט (בּרוך אַתּה ה') זאָל ער זיך בוקן צו
(בּרוך אַתּה) אונ צום (שם) זאָל ער זיך
ווידר אויף ריכטן", לט1/2, 11. ,,וויא דער
מאַן נון אויף גוואכט איז אונ, זיבט דיא טוטי
שלאַנג נעבּין זיך, האָט ער זיך אויף גריכט...,,
יח ה)דה, פֿיורדא, 1737, פּרק ו.

אויפֿריכטעניש — דאָס וי), ־ן. 1. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿריכטן (זיך).

2. הצלחה; טרייסט, הילף, גליק, דערלייזונג. (געניצט אויך גראָבלעך, אַפֿילו פּעיאָ). מיטן דירעקטן און פֿאַרקערטן באַטײַט אין קללות. „ס'זאָל קומען פֿאַר דיר אַן א, און זאָלסט גלײַך באַדאַרפֿן אַ נײַע א'„. „אַן א, זאָל א ו י ף דיר קומען!“ — אַ גראָבלעכע ברכה און אויך אַ קללה.

-

אויסרימען — טרוו. רים אויף, ~גערימט. אָפּט מיט ז י ך. שטאַרק רימען; אויפֿהייבן דורך (אויס)רימען. א, אַן אייגן קינד אין זיבעטן הימל אַרײַן.

▯

אויסרימעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿרימען (זיך).

אויפֿרימפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~ גערימפּלט. אויפֿשפּילן פֿאַלש, ניט־גוט, אָפּגעכאַפּטערהייט. א, עפּעס אויף אַ פֿידל, ווי געזעגט מיט אַ זעג.

▯

אויסרינען — אוטוו, דריטפערזאָניק. רינט אויף, האָט (איז) ~גערונען, האָט ~גערינט. 1. אָנרינען, אָנקלייַבן זיך דורך רינען. „עס האָט אויפֿגערינט אַן עמער רעגנוואַסער„, רייד. 2. (אין רר וואו דער קאָנווערבֿ אַרויפֿ־ איז זן). אַרויפֿרינען. „דער דאַך רינט, און עס וועט א, אויפֿן קאָפּ“, רייד.

אויפֿריס — דער, ־ן. רעזולטאַט פֿון אויפֿרײַסן. אויפֿבראָך, אויפֿפּראַל, אויפֿרײַס. פֿאַרשטעלן דעם א, פֿון דער וואַנט.

אויפֿריסעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געריסעוועט. סל. אויפֿצייכענען, אויפֿמאָלן, אויפֿשילדערן. א, אַ פּאָרטרעט, אַ קאַרטינע (בילד).

אויסר עןֿ — טרוו. ריִע אויף, ~געריִעט. אויפֿגראָבן, אויפֿגראַבל(י)ען, אויפֿשאַרן. א, די ערד מיט די נעגל, מיטן שנוק.

אויסריצן — טרוו. ריץ אויף, ~געריצט.

אויפֿקריצן, אויפֿקראַצן. א, אויף אַ שטיין. א,
עמעצן דאָס פּנים.

אויפֿריר — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿרירן (אַלע בבֿ). 2. מהומה,
בהלה; אָנלויף, צעמישעניש. „זאלכיש האָט
איין קול געבֿין אין דעם מקום וממש איין
אויף ריר פֿר אור זאָכט“, 'כ„י וועגן מעצער
עלילת־דם, 1669 [פּש III]. „ער איז דערווײַל
אין שטאָט אויף דער סטאַנציע, כּדי עס זאָל
דאָ קיין גרויסער א, נישט זײַן“, 'גדולת ר,
וואָלף...„ [יפּ]. 3. אויפֿרודערונג,
אויפֿרעגונג. “אין דער שווייץ איז געווען אַ גאַנצער
א', ווען מע האָט געוואָלט ייִדן זאָלן געניסן
אַלע רעכט“, קמ, No. 43, 1865. “איז געקומען
צו אַ שטיקל א, אויף אַ ליטעראַרישער
פֿאָרלעזונג“, אַלמי, פֿאַש, 11. IX 1953, 4. מילדער
אָנריר. אַן א, אויף אַ סטרונע. „אַן א, פֿון
בטחון מינטערט און דערמונטערט מיך
צוריק“, הל. [← ציטאַטן בײַ אויפֿרו▯].

-

אויסרירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿרירן (זיך). „די טיפֿע א,

דער אינערלעכער אויפֿבּרויז פֿון דעם שלאַפֿן
און מידן ייִדן...“, ד. איידלסבּערג, טמז, 30 X
1953. „גראַטילירן מיט אויפֿרירונג„, מאָרשן,
לשון זהבֿ, אמשט תּצ“

-

אויפֿרעגונג

-

אויסרירן — טרוו. ריר אויף, ~גערירט.
אויך מיט ז י ך. 1. ניט לאָזן אין (
פֿריִערדיקן) צושטאַנד פֿון רו. אויפֿגראָבּן,
אויפֿאַקערן; צעפּאָלאָשען; אויפֿריִען. א, די ערד
בּײַם (מיטן) אַקערן. „...חזיר האָט די ערו
אינגאַנצן אויפֿגערירט, מיט די פֿיס געטרעטן און
אַ וועלט געפֿירט“, ממוס, יודל. „אַלטן דרעק
זאָל מער [מען] ניט אויפֿרירע“ [=],

טענדלאַו, 845 = מע דאַרף ניט דערמאָנען אַמאָליקע
חרפּות, עוולות, שלעכטע מעשׂים.
2. אָנמאַכן אַ מהומה, בהלה, גערודער,
ליאַרעם. דער יאַריד רירט אויף דאָס שטעטל;
דאָס געשלעג רירט אויף דעם יאַריד. *א, אַ
שטאָט (שטעטל, געגנט, מדינה, וועלט אע) =
אַרײַנבּרענגען דאָרטן אַ מהומה אאַזוו. ←
אויפֿרודערן בּ1. „אַ פּאָר וויכטיקע זאַכן זענען
שפּעטער פֿאַרלאָפֿן וואָס האָבּן אויפֿגערירט
דאָס גאַנצע שטעטל, אַלע זענען דערמיט נאָר
בּאַשעפֿטיקט געווען“, ממום, די אַלטע מע□ה.
„לא! האָבּן זיי געשרִיען, אויס דער הויט
געשפּרונגען און אויפֿגערירט גאַנץ קאַבּצאַנסק“,
ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח,. „דער גט מיטן
רבּינס טאָכטער וועט דאָך א, די וועלט„, ייִל,
דאָס פּוילישע ייִנגל, אַדעס 1895. 3.
אויפֿהעצן. א, די פּויערים אויפֿן מאַרק.
4. מאַכן וויבּרירן; אויפֿוועקן,
אויפֿטרייסלען. א, אַ סטרונע. א, עמעצן פֿון שלאָף.
„דער ווינט רירט אויף די קרוינען פֿון די
בּיימער„, „זײַן ניגונדל רירט אויף אין האַרצן
פֿאַרבּאָרגענע סטרונעס, זיי בּרומען...“, ממוס,
קליאַטשע. „דער ימח־שמוניק זאָל דאָס עסק
נישט א, וואָרן ער האָט מורא...„, יפּ.

5. דערוועקן, מעורר זײַן; מאַכן עס זאָל אויפֿקומען. א אַ געדאַנק. א, דאָס געוויסן. א,
'
אַ פֿונק בטחון. „דער חזן תּוקע מוזין זיך בקדושה וביראה דרייא טאָג דער פֿיר... אויף פֿירין...זיי זולין...בּערים הערצקייט [= בּאַרעמהאַרציקייט] אויף רירין“, ‎I‏ה II, ד.
*א, אַ וואונד = ווייטיקדיק אָנרירן; דערמאָנען עפּעס וואָס רופֿט אַרויס טרויער. „עס ליגט ישׂראליק צעקלאַפּט, צעשלאָגן. מע דאַרף אים טרייסטן, אַמוזירן. וואָס טויג אים יענעמס וויינען, קלאָגן — די וואונדן זײַנע אויפֿצורירן“, מיכל גאַרדאָן, 1889.

-

אויסרירעריש — אַדי. וואָס קען אויפֿרירן, אַרויסרופֿן אַן אויפֿריר ←. א'ע רייד.
אויפֿרכילותן — [...רעכי'לעסן] טרוו. אימפּ, איצ נבֿ. ~גערכילותט. אויסטראַכטן (אַ צאָל) רכילות(ן) אויף עמעצן; אויפֿבויען אַ רכילות. א אַ גאַנצע מעשׂה מיט אַ לינקער ליבע.
'
אויפֿרעג — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿרעגן. „אין דעם אויפֿריר און א, צווישן פֿרײַנד„,

בצג, טמז, 4 1954 IX.

אויפֿרעגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרעגן (זיך); אויפּברויזונג, אויפֿרודערונג. „ענדלעך איז זי אַרויס פֿון איר פֿאַרשטיינערטקייט, רואיק, שטיל, געלאַסן, אָן שום א'“, ספּ, סודות. „זי שרײַט און שטאַמלט פֿאַר א,“, זש, שקלאָווער קינדער. ”רייד...האָבן דאָך אַרויסגערופֿן אַ געווינטששטע שעפֿערישע אָנרעגונג און ניט קיין א',„ הל, טאָג, 7 1957 XII.

אויפֿרעגן

□

אויסרעגן — טרוו. רעג אויף, ~גערעגט.

1. מיט אַ סטימול אַרויסרופֿן אַ רעאַקציע; סטימולירן. א, די נערוון. א, אַ חוש. „יעדער פֿאַקט, יעדע דערשײַנונג, רעגט אָן, רעגט

אויף, רייצט צו פֿרעגן און צו פֿרעגן“,
קאָראַלניק 2 .II. מאַכן אומרואיק;
אַרויסבּרענגען פֿון רואיקן מצבֿ. א, דאָס געמיט. א,
עמעצן מיט אַ שלעכטער ידיעה. 3.
אַרײַנבּדענגען אין כּעס, אין צאָרן. א, דעם טאַטן,
דעם רבּין מיטן שלעכטן אויפֿפֿירן זיך. א,
דעם האַר מיט אַן ערלעכן ענטפֿער.
אויפֿרעגנדיק — אַדי. וואָס רעגט אויף;
וואָס בּרענגט צו אויפֿרעגונג; א'ע נײַס.

▯

אויסרעגנדיקייט — די. מצ נבֿ. נעאָל. [נר,
ווײַל פֿון אַ גערונדיוו קען מען ניט שאַפֿן קיין
סובֿ מיט ־קייט]. די אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ
פֿון זײַן אויפֿרעגנדיק. „כ'בּין געווען געשפּאַנט
צו דערוואַרטן ניט נאָר אָנרעגנדיקייט, נאָר
אפֿשר אַפֿילו א',„ הל, טאָג, 28 ▯ 1957 .II.
אויפֿרעגן זיך — ← דפֿוו. 1. אַרײַנקומען,
אַרײַנבּרענגען זיך אין צושטאַנד פֿון
גערייצטקייט, אומרואיקייט, אויפֿרודערונג. “ער טאָר
זיך ניט אויפֿרעגן, ווײַל ער פֿילט זיך ניט
גוט“, נאַד. 2. ווערן גערייצט; צערודערט
ווערן. ווערן שטאַרק נערוועז, אין כּעס,

דערצאָרנט אע. „אַז ער רעגט זיך אויף, איז אים
שווער אײַנצושטילן“, רייד.
אויפֿרעגעוודיק — אַדי. וואָס קען
אויפֿרעגן; וואָס האָט אַ טבֿע אויפֿצורעגן. א'ע
פּאַסירונג; א'ע ידיעה. ־דיקייט.
אויפֿרעגעניש — דאָס (ד), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿרעגן. (אויך מיט
בּיטול).
אויפֿרעגענען — ־גן אויף, ~גערעגנט. אוטוו
1. דריטפּערזאָניק מיטאַמאָל אָנהייבן
רעגענען. ס'האָט אויפֿגערעגנט און אויפֿגעהערט.
2. אַלע פּערזאָנען (אין די רר וואו דער
קאָנווערבּ אַרויפֿ־ איז זן). אַרויפֿרעגענען. א, אויפֿן
קאָפּ. טרוו — אָנרעגענען. דער רעגן האָט
אויפֿגערעגנט פֿולע עמערס רעגנוואַסער.
אויפֿרעגער — דער, ־ס. ווג נבֿ. ווער אָדער
וואָס עס רעגט אויף. דער א, פֿון עלעקטרישן
שטראָם (פֿיזיק).
אויפֿרעדאַגירן — טרוו. ־יר אויף, ~
רעדאַגירט. נעאָל. אויפֿפּוצן פֿאַרריכטן,
אויסבּע,
סערן (בּײַם דורכקוקן מצד דעם רעדאַקטאָר).
א אַ מאַנוסקריפּט.
,

אויפֿרעדלען — טרוו. ־דל אויף, ~גערעדלט.
אויסרעדלען (←) וויפֿל ס'איז נייטיק. א, מצות.
אויפֿרעדן (זיך) — ← פּפֿ אויפֿריידן (זיך).
אויפֿרעדנערן — טרוו. ־נער אויף, ~
גערעדנערט. (שפּאַסיק). אַרויסקומען מיט אַ
באָמבאַסטישער רעדע. א, אַ פֿלאַם־פֿײַערדיקע
רעדע. א, פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער. א, אויף
אַ סקאַרבאָוון אַגיטאַציע־שטייגער.
אויפֿרעוואָלטירן — ־יר אויף, ~
רעוואָלטירט. אוטוו — אויפֿשטיין, אַרויסטרעטן
אַנטקעגן אין אַ רעוואָלט; מורד זײַן,
אויפֿבונטעווען זיך. קינדער רעוואָלטירן אויף קעגן
עלטערן. טרוו — רופֿן צו אַ רעוואָלט,
אויפֿבונ▯עווען; אויפֿהעצן. א, דעם המון.

-

אויסרעווען — אוטוו. ־ווע אויף, ~גערעוועט.
דזוו אויסרעווען ←.
אויסרעוועניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿרעווען.

-

אויסרעטושירן — טרוו. ־שיר אויף, ~
רעטושירט. אויסרעטושירן (←) וויפֿל ס'איז
נייטיק.

▯

אויסרעכט — אָדוו. פּר. גלײַך, גראָד,
אויסגעצויגן; שטראַם (ווי אַ זעלנער פֿאַר אַ
העכערן). „מײַן בינטל איז געבליבן שטיין א', אָבער
אײַערע האָבן זיך געבוקט ווי קנעכט“, מכירת
יוסף שפּיל, לעמבערג 1876.

▯

אויסרעכט — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿרעכטן;
אופֿן פֿון דורכפֿירן אין לעבן פֿון באַשטעטיקן,

,
פֿון בּרענגען אין אָרדענונג. דער א, פֿון די
החלטות. ״זיי האָבּן געשריבּן די גזירות־בּריוו
און [זייער] א,״, ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהרן.

אוי□ רעכט — אַדוו פֿראַזע. פֿטמ. אויף אַן
אמת; בּכּיוון; מיט אַן אויסרעכענונג. טאָן א,
ר', ניט סתּם אַזוי זיך, ניט צו־להכעיס. זאָגן,
ענטפֿערן א, ר'.

אויפֿרעכטונג — ← אויפֿריכטונג. „הײַנט
איז שוין בּרוך השם, די תּלמוד־תּורה בּטל
עטלעכע יאָר. שוין צײַט עס זאָל אויף איר
אַן א, קומען״, □רץ, 'אײַזיקל, שעכט'.

□

אויסרעכטיק — ← אויפֿריכטיק. „...ער זאָל
האָבּן מער וויסנשאַפֿט און זאָל אים קאָנען
דינען מיט האַרץ און מיט א'ע מחשבֿות״, חה,
□, 221.

אויפֿרעכטיקייט — די, ־ן. ←
אויפֿריכטיקייט.

אויפֿרעכטן — ← אויפֿריכטן. צום בּ1; □ ,הקם,
— ער האָט אויף גרעכט, עלמא — די וועלט...,,,
ספֿר אַקדמות מיט עבֿרי־טײַטש און מיט חי—

בור... [לעמבערג? אָנהייב 19. יה]. צום בּ2:
,,זאָלט א, די שטאָט ירושלים וואָס זי איז דײַן
באַגערונג‘‘, מחזור מן שלש רגלים, ח“ב,
טשערנאָוויץ, תר,,ח. צום בּ3: ,,מע טאָר ניט
בּחנם דיא הענט אויף רעכטן, נייארט בּתּפֿלה
ו .;נונים‘‘, נצ1, ויקרא, ג/ב.
אויסרעכענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿרעכענען.

אויסרעכעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿרעכענען.
אויסרעכענען — טרוו. ־כן אויף, ~
גערעכנט. 1. צונויפֿרעכענען; צונויפֿלייגן, מאַכן
חיבור. א, דעם דעביט און דעם קרעדיט.
,,איך האָב אויפֿן קאָפּ גיך געקאָנט א, אַלע
חשבונות‘‘, יק. 2. אויסרעכענען פֿאַר עמעצן,
פֿאַר א גרופּע. א אַלע עוולות וואָס זיי האָבן
,

-

אים געטאָן.
אויפֿרעכענען זיך — קזוו. ← דפֿוו.
קעגנזײַטיק זיך פֿירהאַלטן, זיך אויסטענהן. א, זיך
ווער ווען עס קומט אַרויס אַ זידלוואָרט.

אויסרעמאָנטירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿרעמאָנטירן.
אויפֿרעמאָנטירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)־
רעמאָנטירט. אַ ביסל, אויבנאויף רעמאָנטירן.
א, דאָס הויז פֿאַרן קומען פֿון אינספּעקטאָר.
אויפֿרעפּעטירן — טרוו. ־טיר אויף, ~(גע)־

אויפֿשאַלן

רעפּעטירט. ווידער, פֿונדאָסנײַ רעפּעטירן. א, אַ
ס ענקע.
אויסרעציטירן — טרוו. ־יר אויף, ~(גע)
רעציטירט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ)
רעציטירן. א, אַ פּאָעמע וואָס מע האָט זיך
פּלוצעם דערמאָנט.

אויסרעקאָרדירן — טרוו. ־דיר אויף, ~
רעקאָרדירט. אַרויפֿברענגען אויף אַ פּלאַטע.
„איר וועט א, אײַער רעדע, וועט איר ניט דאַרפֿן
ק□ען אין סטודיאָ“, רייד (נ״י).
אויסרעקוויזירן — טרוו. ־זיר אויף, ~
רעקוויזירט. צונויפֿנעמען דורך רעקוויזירן. א,
די פֿערד פֿאַר דער אַרמיי. א, די פֿאַרמעגנס
פֿון די בורזשוקעס.
אויפֿרעקלאַמירן — טרוו. ־מיר אויף,
~(גע)רעקלאַמירט. אָפּט מיט זיך. דזוו
אויסרעקלאַמירן ←.

□

אויסרעשטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
גערעשטעוועט. וורר, אוקר. אויפֿבויען פֿון
ברעטער, אַרומשלאָגן מיט ברעטער. א, אַ שטאַל.

□

אויסרעשן — [...ראַ'(אַ)שן] רעש אויף, ~
גערעשט. אוטוו — אויפֿטומלען,
אויפֿליאַרעמען. דער ים רעשט אויף און שלײַדערט
זײַנע כוואַליעס. טרוו — אויפֿרודערן. א, די
פּמליא של מעלה. „א, ווילנע“, אמד, דער
אונצײַטיגער ב□ווך, ווילנע 1878.

-

אויסרעשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. טומלען;
אויפֿהיצן זיך, אויפֿקאָכן זיך, אויפֿרודערן זיך.
א, זיך פֿון אַ ליאַדע קרום וואָרט.

אויסרעשען — טרוו. ־שע אויף, ~גערעשעט.
סל. ענדגילטיק געפֿינען באַשייד. א, די
זאַדאַטשע [= אויפֿגאַבע]. מיט ז י ך = קומען
צו אַ באַשייד, אַנטשייד.
אויפֿרצהנען — [...ראַצכענען] טרוו. רצחו
אויף, ~גערצחנט. מיטאַמאָל אָנהייבן אָדער
ענדיקן טאָן אַכזריות. א, עמעצן אין קאַלט
בלוט.

אויסשאָבן

— טרוו. שאָב אויו געשאָבן
(~געשאָבט). 1. דזוו אויסשאָב א, נאָר
ביז דער נייטיקער מאָס, וויפֿל מע דאַרף. א,
קאַרטאָפֿל, רעטעך אאַ. 2. אויפֿעפֿענען דורך
שאָבן. *א, דאָס פּנים = געבן פּעטש, עס זאָל
רינען בלוט.

אויסשאַטן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס שאַט אויף, עס האָט ~געשאַט. פּטמ. אַרויסוויַיזן זיך, אַרויסשטעלן זיך אַז עס (פֿאַר)שאַט. „עס ברענט מיר אויפֿן האַרצן, אַ סימן — דאָס ע—ן האָט מיר אויפֿגעשאַט", רייד.
ם

אויסשאַכערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשאַכערט. אויפֿהאַנדלען (אומערלעך, שווינדלעריש); אויפֿשווינדלען. א אַ פֿאַרמעגן.
,

אויפֿשאַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשאַלן. די א, פֿון די שופֿרות.

אויפֿשאַליעווען טרוו. ־עווע אויף, ~ געשאַליעוועט. צונויפֿקלאַפּן, אַרומקלאַפּן, באַשלאָגן מיט שאַליעווקעס, ברעטלעך. א, פֿאַר זיך אַליין אַ קליין קעמערל.

אויפֿשאַלן — שאַל אויף, ~געשאַלט. דזוו אויסשאַלן, אוטוו, טרוו ←. „חלוצים האָבן אויפֿסניַי אויפֿגעשאַלט זייער 'מי יבֿנה הגליל'" דעמבלין, צוויי און אַ דריטער.

-

אויסשאַמען — טרוו. מע אויף, ~געשאַמעט.
סאָוו, וואוילערונגעריש. אויפֿעסן. א, דעם
קאַנ'ר [= זופּ].
די
אויסשאַנעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געשאַנעוועט. 1. אויפֿהיטן, דערהיטן. א אַן
,
אַלטן פֿאָטעל, ניט לאָזן אויף דעם אַ שטויבּעלע
פֿאַלן. 2. אַרויסווײַזן דרך־ארץ. א, על ערע
זיך, טראָגן זיי דעם גוט־מאָרגן אַנטקעגן.
פֿו
אויסשאַנעווען זיך — ← דפֿוו. שטאַרק
זיך זאָרגן וועגן אייגענעם געזונט. „אויף די
עלטערע יאָרן מוז מען שוין זיך א'".

אויסשאַסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשאַפֿן. די א, פֿון אַ גרויס
ווערק —
.

-

אויסשאַסן — טרוו. שאַף אויף, ~געשאַפֿן
(~געשאַפֿט). 1. שאַפֿן עפּעס וואָס הייבט
זיך אַרויף, אַרויס; אויפֿשטעלן. 2.
מיטאַמאָל שאַפֿן, מאַכן. א אַ נײַע טעאָריע.

,

3. צונויפֿקלײַבן, צונויפֿקריגן. א, געלט פֿאַר
אַ נצרך—

.

-

אויסשאַסן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
← דפֿוו. אויפֿקומען, ווערן. עס שאַפֿן זיך אויף
נײַע באַדינגונגען.
אויסשאַצן — טרוו. שאַץ אויף, ~געשאַצט.
(סוחריש) אָפּשאַצן העכער ווי ס'איז ווערט;
איבערשאַצן. א, סחורה פֿאַרן אויקציאָן =
באַשטימען אַ הויכן מינימום־פּרײַז, וואָס פֿאַר
ווייניקער פֿון דעם זאָל דער וואָס פֿירט דורך
דעם אויקציאָן ניט קענען אָפּגעבן.
אויפֿשאָקלונג — די, ־ען. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשאָקלען (זיך).

אויפֿשאָקלען — טרוו. ־קל אויף, ~געשאָקלט.
1. אויפֿטרייסלען, צעשאָקלען. א, אַ בוים, די פּירות זאָלן נעמען פֿאַלן. א, אַ פֿלעשל סמעטענע, ס'זאָל אַרויסטריפֿן. א, דעם זייגער, ער זאָל אַוועק. „נאָכן א, דאָס געמיש...„, פֿאָלקסביבליאָטעק, אָזע, פּאַריז 1955. 2. מאַכן בעסער דורך שאָקלען, טרייסלען. א, דעם שעניק, דאָס בעטגעוואַנט. 3▯ אויפֿוועקן. א, עמעצן פֿון שלאָף. *א, די קישקעס = א) שלאָגן אין בויך; ב) צעממיתן בכלל; ג) פֿירן איבער שטיינער, גרודעס אע.

אויפֿשאָקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּלוצלינג, מיטאַמאָל אָנהייבן זיך שאָקלען. א, זיך ווי אַ לולב.
י

אויפֿשאָקלעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿשאָקלען.

אויפֿשאַריען פֿאָרמען ← אויסשאַרייען,

אויסשאַריִען. מיטאַמאָל אָנהייבן גרוי ווערן (אַ קליין ביסל ליכטיק ווערן) אויף טאָג. אין איין עק הימל שאַריעט שוין אויף.

□

אויסשאָרכען — ־כע אויף, ~געשאָרכעט.

אוטוו — מיטאַמאָל, אומגעריכט אַרויסגעבן אַ שאָרך, אַ שטיל גערויש. א, בײַם טרעטן אויף פֿאַרטריקנטע בלעטער. טרוו — מאַכן עפּעס זאָל שאָרכען, מאַכן אַ שטיל גערויש. א, היי, די בלעטער.

אויפֿשאַרן — טרוו. שאַר אויף, ~געשאַרט. 1. צונויפֿשאַרן אויף איין אָרט, צונויפֿנעמען. א, היי אין קופּעס. *א, גאָלו = נתעשר ווערן מיטאַמאָל. 2. אַרויפֿשאַרן, שאַרן אַרויפֿצו. א, די ברילן אויפֿן שטערן. 3. פֿונאַנז.

ער491

שאַרן, דורך שאַרן אויפֿגראָבן. „בײַנאַכט איז געקומען אַ גרויסער הונט אויף דעם בי□ 7. עולם, ער האָט דאָס קבֿר אויפֿגעשאַרט...מעגלעך אַז אַ הונט האָט אויפֿגעשאַרט די ערד„, אָ נײַע מע□ה ווי אַזוי יודען זענען דורך גרןיסע נסים געהאָלפֿן געוואָרן, לעמבערג 1905.

אויסשאַרן זיך — ← דפֿוו. אוטוו — פֿון זיך
(אָן באַמיאונג) זיך צונויפֿרוקן   פֿון ווינט
„ .
האָבן זיך די בלעטער אין סאָד אויפֿגעשאַרט
אין גאַנצע הורבעס“. קזוו — צונויפֿחבֿרן
זיך; ווערן נאָענט, אינטים (גראָבלעך). „מיר
האָבן גאָרניט געזען ווי זיי האָבן זיך
אויפֿגעשאַרט אין אַ פּאָר טעג“, רייד.

אויסשאַרעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס
פֿון אויפֿשאַרן (זיך).

אויסשאַרסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשאַרפֿן.

אויסשאַרסן — טרוו. שאַרף אויף, ~
געשאַרפֿט. מיטאַמאָל, אומגעריכט (אָדער ווידער)
מאַכן שאַף. א, דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען.

מיט ז י ך = ווערן אויפֿגעשאַרפֿט.

אויסשאַרצן — טרוו. שאַרץ אויף, ~ געשאַרצט. ארויפֿשאַרן, אַרויפֿרוקן.
פֿאַרקאַ— —
טשען אַרויפֿצו. א, די אַרבל אין אַ הייסן טאָג אָדער בײַ דער אַרבעט. א, די פּאָלעס פֿון דער קאַפֿאָטע. ,,איר קוטן הובן זי אַן אויף צו שורצן,,, בבֿא־בוך, 450. *א, דעם שטערן = אַרויסווײַזן חוצפּה, זײַן אַן עזו .פּנים.

אויסשברן — [...שאַבערן] טרוו. שבר אויף, ~געשברט (גנבֿים־לשון). אויפֿברעכן, אויפֿהאקן, אויפֿרײַסן. א אַ פֿײַערקאַסע.
,

.
אויסשדכנען — [...שאַ'דכענען] טרוו. שדכן אויף, ~געשדכנט. צונויפֿשדכנען, צונויפֿפֿירן ביידע צדדים; צונויפּפּאָרן. ,,אויפֿגעשדכנט

אַ גלײַכע פּאָר — לסוף, מע רײַסט זיך די האָר“, שוו. אויך מיט ז י ך — א, זיך מיט (פֿאַר) עמעצן.

אויפֿשוואונג — דער, ־ען. פּפֿ: ~שוואונק.
גיכער, אימפּעטדיקער אויפֿשטײַג, אויפֿבלי, אויפֿקום. „עס איז ניט קיין צופֿאַל וואָס דער א, פֿריִער פֿון חיבת־ציון און דערנאָך פֿון פּאָליטישן ציוניזם, האָט אויך אַרויסגערופֿן דעם א, פֿון דער ליטעראַטור אין גלות“,

אפֿא, געטראַכט מיט ע▯רי־טײַטש.

▯

אויסשוואַכן — טרוו. שוואַך אויף, ~
געשוואַכט. מיטאַמאָל מאַכן שוואַך אָדער שוואַכער. א, דעם דרוק.

אויפֿשוואָל — ← אויפֿשוועלן. „א, די פֿעל,

ן

אַז דער גאַרבערשטאָף זאָל לײַכט אַרײַנדרינגען„, וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט.

אויפֿשוואַנגערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געשוואַנגערט. שוואַנגערן הויך, טראָגן קאָנטיק. „און איך זאָג: עס וועט זײַן אַ ייִנגל. זעט,

ווי זי האָט שפּיציק אויפֿגעשוואַנגערט„, רייד.

אוי שוואַרץ — אַדוו פֿראַזע. אין דער אומריינער, ניט־ענדגילטיקער פֿאָרעם. פֿריִער מאַכן דעם פּלאַן, אָנשרייַבן די קאָמפּאָזיציע א, ש', דערנאָך פֿאַרריכטן און איבערשרייַבן. אָפּגעבן א, ש, און זיך אויסריכטן אַ שוואַרצע מערכה. סוב: דער אויפֿשוואַ'רץ פֿאַרלירן

.

דעם א'.

אויפּשווענקען

אויסשוואַרצן — טרוו. שוואַרץ אויף, ~ געשוואַרצט. 1. אויפֿפּוצן מיט שוואַרץ; מאַכן ווידער שוואַרץ. א, די שיך. 2. מאַכן ברודיק, שמוציק. 3. מאַכן פֿינצטער, ביטער. א, דאָס

געמיט, דאָס לעבן.
אויפֿשוויבלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשוויבלען. אַן א, פֿון אינזעקטן.
אויפֿשוויבלען — אוטוו, דריטפּערזאַניק. ־בלט אויף, ~געשוויבלט. מיטאַמאָל זיך באַוויַזן אין אַ גרויסער צאָל און זיך באַוועגן (אַזוי אַז עס שווינדלט פֿאַר די אויגן). „אין די גאַסן שוויבלען אויף מאַסן“. „נײַע פּנימער שוויבלען אויף פֿאַר די אויגן און צערינען“.
אויסשווימען — אוטוו. שווים אויף, בין ~געשוואומען. [אין לד ס'רובֿ האָב]. 1. שווימען פֿון אונטן אַרויפֿצו, אַרויפֿשווימען. א, ווי אַ קאַץ. (גראָב) א, ווי אַ שטיק דרעק.
2. אַרויפֿקומען אויבנאויף, אויבנאָן. א, אויפֿן (אין) זכּרון. א, בײַ אַ דעבאַטע. „אָט די פֿראַגע איז אַלעמאָל פֿאַר איר אויפֿגעשוואומען„„ ספּ, סודות. „אין אַ לאַנג פֿאַרשוואונדענעם ש ין זינען אַ שפּרוך איז אויפֿגעשוואומען: 'הנותן לשכוי בינה'“, דוד האָפֿשטיין, איך גלייב.
אויפֿשווינדלען — ־דל אויף, ~געשווינדלט. אוטוו, דריטפּערזאָניק — זייער גיך זיך דרייען פֿאַר די אויגן, ביז עס נעמט זיך דרייען אין קאָפּ. די טאַנצנדיקע פּאָרלעך שווינדלען

אויף פֿאַר די אויגן און דערוויטערן זיך.
טרוו — צונויפֿקריגן דורך שווינדל. א אַ
,

היפּשע סומע.

אויסשוויצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשוויצן.

אויסשוויצן — שוויץ אויף, ~געשוויצט.
אוטוו — 1. אָנהייבן שוויצן; שטאַרק שוויצן.
, ווי אין אַ באָד. 2. מאַכן אַן אָנשטעל אַז מען אַרבעט שווער. א, ווי אויף דעם וואָלט די וועלט געשטאַנען. טרוו — אויפֿטאָן עפּעס דורך שוויצן, שווער אַרבעטן. א, אַ שפּאָגלנײַעם פּלאַן.

אויסשוועב — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשוועבן. אַן א, פֿון נײַע רעיונות.

אויסשוועבן — אוטוו. שוועב אויף, ~
געשוועבט. אָנהייבן זיך טראָגן אין דער לופֿט, פֿליִען אַרויפֿצו. אַ טשאַטע פֿייגל שוועבן אויף צום הימל.
אויפֿשוועלן —, אוטוו. שוועל אויף, ~
געשוואָלן (~געשוועלט). אויפֿגיין, אויפֿבלאָזן זיך; ווערן אויפֿגעפּוישט. „דאָס געהילץ שוועלט אויף אין וואַסער“. „די בײַכער האָבן אויפֿגעשוועלט פֿון טרינקען ביר„, רייד. [מע קען ניט ניצן א, אַנשטאָט געשוואָלן ווערן.
מע קען ניט זאָגן: 'אַ האַנט, אַ פֿוס שוועלט אים אויף'].
אויפֿשווענגערן — ← אויפֿשוואַנגערן.
אויפֿשווענקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿשווענקען.
אויפֿשווענקען — טרוו. שווענק אויף, ~
געשווענקט. אויך מיט ז י ך. דזוו אויסשווענקען ←, מיט בײַטעם: ביז דער נייטיקער מאָס, וויפֿל מע דאַרף.

אויפֿשוווערן

אויסשוווערן — שוווער אויף, ~געשוואָרן.

אוטוו — געבּן עפֿנטלעך אַ שבֿועה. א, אויף אַן אמת. א, פֿאַרן געריכט. טרוו — אַרויפֿבּרענגען דורך אַ שבֿועה (אַ שפּרוך). „ס'איז די אַלטע געשיכטע פֿון יענעם מקובּל וואָס האָט מיט אַ שם זיך אַ גײַסט אויפֿגעשוואָרן“, יהואָש, בּלומען און דערנער.

אויסשויבּערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשויבּערט. בּרענגען האָר אין אומאָרדענונג (זיי זאָלן שטאַרצן אויף אַרויף). א, די האָר, די

פּאַטליע, די טשובֿע.
אויסשויבערן זיך —, אוטוו. ← דפֿוו. קומען
אין צושטאַנד פֿון אויפֿרעגונג און אומאָרדענונג.
„די מאַסע האָט זיך אויפֿגערודערט,
אויפֿגעשויבערט“, ש. גאָדינער, דער מענטש מיט דער
ס, מאָסקווע, 1928.
בּי
אויסשוידער — דער, ־ס (זן). אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשוידערן. „פֿאַר מלכּהלען
קען אַזאַ א, זײַן אַ שטיק רפֿואה“, פּ. רודאָי,
טמז, 20 1953 II.

-

אויסשוידערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשוידערן (זיך).

-

אויסשוידערן — ־ער אויף, ~געשוידערט.
אוטוו — אויפֿציטערן, אויפֿצאָפּלען, זיך שטאַרק
דערשרעקן, אויפֿגרוילן. „אַ צאַפּל האָט געטאָן
דער שטילער ייִד פֿון אירע רייד און
אויפֿגעשוידערט,„ י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין

שטעטל. טרוו — מאַכן מע (עס) זאָל שוידערן.
,,ר'האָט זי אויפֿגעשוידערט,,, אָפּאַ, 'לילי'.

□

אויסשוימונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשוימען (זיך).

□

אויסשוימען — שוים אויף, ~געשוימט.
אוטוו — זיך באַווײַזן פֿון אויבן מיט אַ שוים;
אויפֿקאָכן, אויפֿזידן, אויפֿברויזן. ,,די שׂנאה
וואָס איז געוואַקסן צום מאַן האָט
אויפֿגעשו□מט אין איר,,, אָפּאַ, טענצערין. ,,האָניק
פֿון זיך־זעלבסט־באַוואונדערונג זאָל א, ביטער‘‘,
הל, 'אַלטמאָדיש'. טרוו — מאַכן עס זאָל
שוימען. ,,דער ווינט שוימט אויף דעם □ם‘‘.

-

אויסשוימען זיך — ← דפֿוו. אויך:
אויפֿהיצן זיך (ביז דער מדרגה אַז עס באַוויַ□ט
זיך שוים אויף די ליפּן). ,,אַ הייס־בלוטיקער
— אַז ער צעקאָכט זיך, שוימט ער זיו ממש

אויף״, רייד.

אויסשוינען — טרוו. שוין אויף, ~געשוינט.
אויך מיט ז י ך. אויפֿהיטן, אָפּהיטן דורך
שאַנעווען, זאָרגן זיך. א אַ מלבוש אויף
יוס,
טובֿ. א, זיך נאָך אַ האַרצאַטאַק.
אויפֿשונד(עווע)ן — טרוו. שונד(עווע) אויו ,
~געשונד(עווע)ט. גיך אָנשרייַבן אָדער
פֿאָרשטעלן אויף אַ שונדישן אופֿן (אויסגערעכנט
אויף אַ גראָבן אָדער פרימיטיוון געשמאַק).
א אַ ראָמאַן אין שאָמערס נוסח. א
כינקע, ,

פינקע־פיעסע.

-

אויסשוסטערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געשוסטערט. 1. שלעכט טאָן די אַרבעט פֿון אַ
שוסטער. א, אַ פּאָר אומגעלומפּערטע שטיוול.
2. פּאַרטאַטשיש (און גיך) פֿאַרענדיקן אַ שטיקל

אַרבּעט. דזוו אויסשוסטערן, בּ2 ←.

אויפֿשופֿלען

— טרוו. ־פֿל אויף, ~געשופֿלט. צונויפֿנעמען מיט (אַרויפֿשאַרן אויף) אַ שופֿל, לאָפּעטע. א, דעם מושבֿ.

אויסשורהן — [...שורען] טרוו. שורה אויף, ~געשורהט. (זעצערס, קאָוונע) אַרײַננעמען אין אַ שורה. „מע דאַרף בּײַטן דאָס קעפּל כּדי עס אויפֿצושורהן אין צוויי שורות“.

אויסשורוועןֿ — טרוו. ־ווע אויף, ~ געשורוועט. אוקר. אויפֿקאָכן, אויפֿבלעזלען מיט אַ גערויש, ענלעך צו שור־שור. אויך מיט ז י ך. „שורוועט אויף ס'געריכט זיך“, פּמ.

-

אויסשורשקען — אוטוו. ־קע אויף, ~ געשורשקעט. אָנהייבן שורשקען. דאָס זײַדענע קלייד שורשקעט אויף בײַם גיין. די בלעטער שורשקען אויף פֿון ווינט.

□

אויסשושקען — פֿאָרמען און בּ ← או□ סשושק□ ..

אויסשושקען זיך — אוטוו, קזוו. ־קע זיך אויף, זיך ~געשושקעט. צונויפֿרעדן זיך שטילערהייט, שעפּטשענדיק. „עס האָבן אויפֿגעשושקעט זיך די אַלע ברידער עלף, עס סוֹדען זיך אַן אויער מיט אַ וואָנצע,„ מאָל, דער מלך דוד...

-

אויסשושקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס

פֿון אויפֿשושקען (זיך).
אויפֿשותּפֿותן — [...שוטפֿעסן] טרוו. שותּפֿות
אויף, ~געשותּפֿותט. שאַפֿן דורך אַ שו ־
פֿות; צונויפֿפֿירן, צונויפֿברענגען אין אַ
שותּפֿות. א אַ קאָאָפּעראַטיוו. א, גנבֿ מיט גזלן.
,
אויפֿשותּפֿותן זיך — קזוו. ← דפֿון.
אַרײַנטרעטן אין אַ שותּפֿות. א, זיך, מאַכן אַ
געשעפֿט חצי שלי, חצי שלך.
אויפֿשטאָלן — שטאָל אויף, ~געשטאָלט.
נעאָל. אוטוו — ווערן האַרט ווי שטאָל. "
דערהערנדיק אַזוינס, האָט זײַן געמיט
אויפֿגעשטאָלט", רייד. טרוו — אויפֿהאַרטעווען,
מאַכן האַרט ווי שטאָל. א, די הערצער פֿון די
קעמפֿערס. אויך מיט ז י ך.
אויפֿשטאָלצירן (זיך) — אוטוו. ־יר (זיך)
אויף, (זיך) ~געשטאָלצירט. מיטאַמאָל
אַרויסווײַזן שטאָלץ, גאווה, פֿאַרריסנקייט. א, מיט
עפּעס. א, (זיך), פֿאַררײַסן די נאָז: מי ידמה
לי.
אויפֿשטאַמלען — פֿאָרמען און בּ ← אויס
שטאַמלען (מיט בײַבאַטײַט: פּלוצלינג,
אומכעריכט).
אויפֿשטאַמלעניש — דאָס (די), ־ן.

פּראָצעס פֿון אויפֿשטאַמלען.

-

אויסשטאַמען — אוטוו. שטאַם אויף, ~ געשטאַמט. אָפּשטאַמען (וועגן עתיד). „ער שטאַמט אָפּ פֿון שקלאַפֿן, אָבער פֿון אים וועט א אַ נײַער דור פֿרײַע און שטאָל צע“.

,

אויסשטאַמפּן — אוטוו. שטאַמפּ אויף, ~ געשטאַמפּט. אַרויפֿלייגן אַ שטאַמפּ, שטעמפּל. א, די קלעצער מיט אַ צייכן.

אויפֿשטאַנד — דער, ־ן. 1. רעוואָלט, מרידה. דער א, פֿון וואַרשעווער געטאָ. א, פֿון די חשמונאָים. א, פֿון בר־כּוכבֿא. א, פֿון שקלאַפֿן. אַן א, קעגן דער צאַרישער מאַכט. אָנהייבן, אויפֿהייבן אַן א'. אונטערדריקן אַן א'. „טוט מען אויס די שווערדן די

פֿאַרהאַסטע גיך, נעמט מען קעגן א, פילדערן,,, אַל III
'יהודה המכּבי נעמט אַ פֿרוי'. ,,אין פּוילישן

אוי▯ שטאַפֿירונג

א, פֿון 1863 איז ער געווען... אַ פֿאַרברענטער
פּאָליאַק“, יק.

2. דאָס אויפֿשטיין פֿון שלאָף. ,,(מיט) אַ
גוטן א, (אויף) דיר, מײַן קינד,, [מיט
צערטלעכקייט, אַ מוטער צו אַ קינ▯ I. ,,(מיט) אַ
גוטן א,, מײַן טײַערער מאַן“ — ,,(מיט) אַ
גוטן א', מײַן ליב ווײַבעלע“ [
כאַראַקטעריסטישע זאַצן פֿון שלום־בית־דיקן לעבן]. ,,אַ
גוטן
א, אויף אַלע, אַלע גאָטס באַשעפֿענישן,,, ממוס,
שלמה. אָבער אויך איר. מיט חוזק, ווען מע
שטייט אויף שפּעט. ,,אַ גוטן א, דיר, קוים
זיך אויסגעשלאָפֿן נאָך האַלבן טאָג,,. ,,פֿון
אַלע זײַטן טראָגט מען אים אַנטקעגן:
גוטמאָרגן, כאַמבער, אַ גוטן א, אויף אײַך,
כאַמבער“, מ. בורשטין, ברויט און זאַלץ.

3. דאָס אויפֿשטיין פֿון ק▯ מפּעט (ספּעצ
ווען מע האָט אַ מיידל) און די שׂמחה וואָס

מע מאַכט פֿאַר אַ נײַ־געבוירן מיידל (ווי אַ
ברית פֿאַר אַ ייִנג); דאָס אויפֿרופֿן צו דער
תּורה דעם פֿאָטער פֿון אַ נײַ־געבוירן מיידל
און דאָס מעלדן דעם נאָמען פֿון דעם קינד.
„דעם שבת, ווען דאָס ווײַב שטייט אויף נאָו
דעם קימפּעט, קומט דעם מאַן אַן עליה. דער
א, מעג אָבער אויך זײַן אינדערוואָכן, נאָר
דעמלט ווען [ר — דער, ־ס (און אויך אָו
לייענט", חא, כב/א.

אויסשטאָנד

אַן ענדונג). וונ ־ין, ־קע, ־ס. פּפֿ: ~
שטענדלער. ווער עס באַטייליקט זיך אין אַן
אויפֿשטאַנד. די א'ס אין די וועלדער, אין די
געטאָס.

-

אויסשטאַנדעניש — דאָס (די), ־ן.

קליינער אויפֿשטאַנד; אָפּטער אויפֿשטאַנד. אויך מיט
ביטול. „נאַטירלעך קענען די א'ן קעגן די
עסטרײַכער ניט באַשטיין", ייִפּאַל, 18 1882, No.

אויפֿשטאָפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשטאָפּן.

אויפֿשטאַפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~
געשטאַפּלט. אַרויפֿלייגן איינס אויף דאָס

אַנדערע, ווי שטאַפּלען. א, אַ טיש אויף אַ טיש, אויפֿן טיש נאָך אַ טישעלע. א, זעק אין שפּײַכלער.

אויפֿשטאַפּלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויפֿהייבן זיך אין שטאַפּלען. „די בנינים שטאַפּלען זיך אויף הויך און העכער“.

אויפֿשטאַפּלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿשטאַפּלען (זיך).

אויפֿשטאָפּן — טרוו. שטאָפּ אויף, ~ געשטאָפּט. 1. אַרײַנשטאָפּן, אָנשטאָפּן עס זאָל ווערן בולט, אויפֿגעפּוישט. א, דעם סעניק מיט שטרוי. 2. מאַכן לויז, אויפֿעפֿענען וואָס איז פֿאַרשטאָפּט. א אַ פֿעסל ווײַן; א, דעם צאַפּן

פֿון פֿעסל. 3. פֿאַרריכטן, פֿאַרצירעווען אַ לאָך אין אַ שטריקעכץ, אין אַ וועבונג (עס זאָל זײַן לויטן גאַנג פֿון דער וועבונג). א, אַ זאָק, די קני פֿון די הויזן אאַזוו.

אויפֿשטאָפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿשטאָפּן.

אויפֿשטאָפּער — דער, ־ס. ספּעציעלע העקלנאָדל וואָס מע ניצט בײַם אויפֿשטאָפּן, ב3.

אויפֿשטאַ ידונג — די, ־ען. אונגיו. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטאַפּירן. ספּעצ

אויסשטײַער. „מע האָט צוזאַמענגעלייגט אויף

אויפֿשטאַפּירן

אַ נדן און א, און אַן אָרעמע חתונה געמאַכט“, עמוד היראה, חלק ששי, קאַשוי 1866.
אויפֿשטאַפּירן — טרוו. ־פּיר אויף, ~(גע)־שטאַפּירט. 1. צונויפֿנעמען, צונויפֿקלײַבן. א, אַ פֿאַרמעגן. א אַלץ וואָס מע דאַרף צו דער

,

חתונה. 2. אויפֿשטאַמפּלען ←.

□

אויסשטאָרכען — טרוו. ־כע אויף, ~ געשטאָרכעט. אויפּעפּענען, אויפֿוועקן מיט אַ שטאָרכע, אַ שטויס. א, די טיר מיט די הערנער. א, עמעצן פֿון שלאָף. מיט ז י ך — קזוו. א, זיך מיט די הערנער.
אויסשטאַרצן —, אוטוו. שטאַרץ אויף, ~ געשטאַרצט. בולט אַרויסשטעקן זיך. „דער באַרג שטאַרצט אויף פֿון דער ווײַט„. א, ווי אַ באַרג. א, ווי אַ טאָרבע פֿלעקער.
אויסשטאַרקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשטאַרקן (זיך).

‎

אויסשטאַרקן — טרוו. שטאַרק אויף, ~ געשטאַרקט. אויך מיט ז י ך. אויפֿפֿעסטיקן, מאַכן שטאַרק(ער). א, די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון די פֿעלקער. א, זיד מיט אַ שנעפּסל. א, זיך ניט אַרײַנצופֿאַלן אין יאוש.

אויפֿשטאָרקען — ← אויפֿשטאָרכען.

-

אויסשטודירן — טרוו. ־יר אויף, ~ געשטודירט. ווידער (פֿונדאָסנײַ) שטודירן, לערגען; שטודירן ביז דער נייטיקער מדרגה. א, וואָס ער האָט שוין פֿאַרגעסן.

אויפֿשטויבונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטויבן.

‎

אויסשטויבן — שטויב אויף, ~געשטויבט. אוטוו — אויפֿהייבן אַ שטויב. א, בײַם ראַמען די שטוב. טרוו — באַדעקן עפּעס מ‎ט שטויב.

,,די קאָפּיטעס פֿון די...סוסים האָבן
אויפֿגעשטויבט דאָס שטעטל און עס האָט אויסגעקוקט
ווי [דאָס שטעטל] ליגט אין רויך“, ייִט, טמז,
.XII 19▯0 ▯1

אויפֿשטויבן זיך — אוטוו. שטויב זיך אויף, זיך ~געשטויבט. (וועגן געוויקסן) פֿאַרבינדן זיך דורך (מיט) ספּאָרן.

אויפֿשטוינונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿשטוינען.

אויפֿשטוינען — אוטוו. שטוין אויף, ~ געשטוינט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג ווערן פֿאַרוואונדערט פֿאַרחידושט. א, פֿון אומגעריכ, טע נײַסן.

-

אויסשטויס — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿשטויסן. גרעפּס, גרעפּץ.

אויפֿשטויסונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטויסן (זיך).

אויפֿשטויסן — שטויס אויף, ~געשטויסן. אוטוו — אויפֿקומען, זיך טרעפֿן (וועגן שלעכטע זאַכן). ,,צווישן דעסין זענין מיר אַליר

האַנד ווידר ווערטיקייט און, צרות פֿון מײַני קינדר... אויף גישטויסין,,, גה, 273.
טרוו — 1. אויסשטויסן, אָנשטויסן וויפֿל עס איז נייטיק. א, צימ(ע)רינג אויף הרוסת. 2. צונויפֿשטויסן, צונויפֿקלאַפּן. א, איינעם מיטן אַנדערן. 3. אַרויפֿשטויסן. א, אַ שטיין אויפֿן באַרג. ,,זיי האָבן מיך אויפֿגעשטויסן אויף דער בינע, האָב איך שוין געמוזט עפּעס זאָגן“, רייד. 4. מאַכן מע זאָל ווערן

אָנגעשטויסן

שטויסן, ברוגז, צעקריגט. א, אַ פֿרײַנד אויף אַ פֿרײַנד. 5. אַוועקשטויסן, אַוועקקלאַפּן פֿון אָרט. א אַ שטייו פֿון וועג. 6. אומפּ. אַרויפֿ,

קומען פֿון מאָגן (וועגן אַ גאַז, אַ גרעפּץ). עס שטויסט מיך אויף נאָכן פֿעטן מיטאָג.
אויפֿשטויסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
צונויפֿשטויסן זיך; שטויסן איינער מיטן אַנדערן. זיך א, ווי אַ באָק מיט אַ באָק. 2. זיך צופֿעליק טרעפֿן. זיך א, אויף דער גאַס. 3. האָבן קאָנפֿליקטן, (שאַרפֿע) איבעררײדן. ,,...זיך

א, מיטן חזן פֿאַרוואָס ער שרײַט ניט אויס

,

דעם קידוש מיטן גאַנצן כּוח“, קמ, 1870,
No 22. ,,איר קענט נישט און איר דאַרפֿט נישט
זיך א, מיט די דאָזיקע וואָס דערלאַנגען אַמאָל
אַ קלאַפּ“, ממוס, קליאַטשע. ,,אויך מיט זוגתי
פֿייגע תּחיה האָבן מיר דאָס ערשטע יאָר נאָך
דער חתונה זיך אויפֿגעשטויסן“, פּרץ, 'יוחנן
מלמדס מעשׂהלעך'.
אויפֿשטופּלען —← אויסשטופּלען.

▯

אויסשטופּן — טרון. שטופּ אויף, ~געשטופּט.
1. צונויפֿשטופּן. א, אַלעמען אויף איין אָרט,
אין איין חדרל. 2. אַרויפֿשטופּן. א, דעם
וואָגן אויפֿן באַרג. 3. צונויפֿקאָמביגירן. א,
אַ וויסטן פּלאַן.

-

אויסשטופּן זיך — אוטוו. ← דפּוו.
צונויפֿשטופּן זיך; אַרויפֿשטופּן זיך. א, זיך אַלע
צוזאַמען אין איין גרופּע.

אויפֿשטופּער — דער, ־ס. וונ נבֿ. ווער עס שטופּט אויף, ספּעצ בֿ3; אינטריגאַנט, אויפֿהעצער. „און דעם המן הרשע וואָס ער איז דער גאַנצער א, פֿון דער זאַך זאָלסטו אים ערלעך בֿאַצאָלן“, מרדכיס חלום, לעמבֿערג 1889.

אויפֿשטוקאַטורעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~געשטוקאַטורעוועט. פֿאַרריכטן מיט שטוקאַטורקע.

אויפֿשטוקעווען — טרוו. שטוקעווע אויף, ~געשטוקעוועט. 1. צונויפֿשטעלן פֿון שטיקלעך. א, אַ מלבֿוש פֿון שטיקלעך און בֿרעקלעך. 2. צונויפֿנעמען דאָס נייטיקע מיט שוועריקייטן, מיט קאָפּדרייעניש. *א, דעם שבת = צונויפֿקריגן אַלץ וואָס מע דאַרף אויף שבת. 3. צונויפֿבֿינדן, מאַכן דעם קאָנטאַקט. „בֿיז איך האָבֿ אויפֿגעשטוקעוועט דעם טעלעפֿאָן...“, ש. בֿרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I. 4. אויפֿטאָן, אָפּטאָן שטוקעס, שטיקלעך, מעשׂים. א, קונצן.

אויפֿשטורכען (זיך) — ← אויפֿשטאָרכען (זיך).

אויפֿשטורעם — דער, ־ס. נעאָל. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטורעמען. דער כּוח

פֿון א'. „און זע אין פֿאַנצערל אַן א, פֿון
וועלטן“, הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
אויפֿשטורעמדיק — אַדי. וואָס שטורעמט
אויף; וואָס איז פֿעאיק, ראוי
אויפֿצושטורעמען. א'ע געשעענישן.
אויפֿשטורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשטורעמען. די א, פֿון
לײַדנשאַפֿטן.
אויפֿשטורעמען — ־עם אויף, ~
געשטורעמט. אוטוו — מיטאַמאָל (פּלוצלינג,

וויאויפשטיין

דער) אָנהייבן שטורעמען, בושעווען. דער ים
שטורעמט אויף. די רעוואָלוציע שטורעמט
אויף. „...האָט אויפֿגעשטורעמט אַ געשריי:
פֿאַרשטיינט אים!... סקילה! סקילה!„ הר, אין
שאָטן פֿון מײַן בוים. טרוו — מאַכן
שטורעמדיק; אויפֿרודערן. דער ווינט שטורעמט אויף
דעם ים. א, די געמיטער. „עס איז בײַ אונדז
הײַנט אַ ספּעציעלע פּראָגראַם פֿון די
באַרימטע קונצנמאַכערס וואָס האָבן אויפֿגעשטורעמט
די וועלט“, נאָד.

אויסשטורעמען זיך — ← דפֿוו. ווערן
אויפֿגעטרייסלט, אויפֿגערודערט, צעקאָכט,
צעצאָרנט.

אויסשטיי — דער, ־ען. נעאָל. אַקט פֿון
אויפֿשטיין (פֿאַרשיידענע בכּ). „דער א'־רוף
פֿון דער נאַטור„, נאַד.

אויסשטייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשטיין. „קומך — און אין
אַלע רואונג און ציאונג פֿון ישׂראל זאָל זײַן
דײַן א'“, יוצר ליו„כּ, ח„ב, פּיעטריקאָוו, 1885.
אויפֿשטײַג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אויפֿשטײַגן. אויפֿגאַנג, אויפֿשוואונג. אַן
א, בּיזן שפּיץ בּאַרג. אַן א, אין די פּרײַזן.
פֿאַראַן אַ ליד אַזאַ, ווי אַן א, צו גאָט“, דא,
„ — —
'דאָס ליד פֿון מענטשן'. „ווער צינדט אָן די

סטראָפֿן אין א, פֿון פֿרי?,,, הל, 'די שעה פֿון
גענאָד'. ,,די ליטעראַטור דאָ איז ראוי געוואָרן
אָנגעשטעקט צו ווערן מיט אַן א'־אילוזיע“, בֿ.
ריווקין, גדונט־טענדענצן...

אויסשטײַגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשטײַגן. ,,...איבער די ימען
— אַן א, פֿון אָפּגרונטן“, הל.

אויסשטײַגן — אוטוו. שטײַג אויף, האָב (בין)
~געשטיגן. 1. אויפֿקומען, באַווײַזן זיך.
,,ווען דאָס איז אויף מײַנע געדאַנקען
אויפֿגעשטיגן — ווייס איך ניט,,, קמ, 23 1864, No.
“די אַלע פֿאָנען לאָזן פֿאַר זײַן בליק א',,,
...
אַר, 'ערשטער מײַ'. 2. אַרויפֿגיין. א, אויפֿן
באַרג. ,,'עלו אַל המרכּבֿה ותנו לי הטובֿ
בעיניכם, — שטײַגט נור אויף...און גיבֿט

מיר וואָס איר וואָלט“, □ב, לא/א. 3.
אויפֿהייבן זיך; ווערן העכער. „די פּרײַזן האָבן
אויפֿגעשטיגן אין איין יאָר...“, רייד. „...אַ
פֿלאַם־פֿײַער וואָס שטײַגט אויף פֿון זיך אַליין„,
תּניא, קכג. 4. פּראָגרעסירן, טאָן אַ פּעולה.
א, אין מידות. „...כּדי חײַקל זאָל א, אין
לערנען און מוסר“, חג, ישיבֿה. „און וואָס מער
אַ קינד שטײַגט אויף אין לימוד„, אור עולם,
ח“א, נעתּק ע“י ר, יע)ראָל ממינסק, ווילנע
18□5.
אויפֿשטײַגנדיק — אַדי. וואָס שטײַגט אויף,
האַלט אין אויפֿשטײַגן. א'ע רעזולטאַטן.

□

אויסשטיין — אוטוו. שטיי אויף, בין ~
געשטאַנען [וועגן ה אָ בּ אין לר ← אויסלויפֿן]
1. אויפֿשטעלן זיך, אויפֿהייבן זיך פֿון אַ
זיצנדיקער אָדער ליגנדיקער פּאָזיציע. א, פֿאַר
אַ תּלמיד־חכם, פֿאַר אַ זקן, פֿאַרן מלך. „אַך
גיט דער פּסוק (מפּני שׂיבֿה תּקום) — דוא
בּישט מחויבֿ אויף צו שטיין פֿאַר איין אַלטן
מאַן“, לט1, 1/50. „צו געפֿינען אַלע רגע אַ

מצווה... דהײַנו, לפּחות אויפֿצושטײן פֿאַר אַ

□

אויפשטיין

למדן", פּוקח עורים, שקלאָוו 1832. „פֿאַר מנחה
דאָוונען מוז מען וואַשן די הענט, אַפֿילו ווען
זיי זײַנען ריין און אַפֿילו [ווען] מע שטייט
ערשט אויף פֿון לערנען", חא, נב/א. „
נישקשה — האָט מיר די קליאַטשע נאָכגעשריגן
— אַז איך פֿאַל, שטיי איך אויף", ממוס,
קליאַטשע. „וואָרן אַנערליכר קען נאָך זיבן
מאָל אום פֿאַלין און ווידר אויפֿשטיין", מס,
משלי תּקע"ד, כד, 16. „זיך צעצאָלט פֿאַרן
מיטאָג... איז [ער] אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש
מיט אַן אויסגעגלעט בײַכל", שע, בלאָנדזענדע
שטערן I. בײַ אַ שבֿועה: איך זאָל אַזוי א,
פֿון דעם אָרט ווי... „איך וויל ניט געזונט פֿון
פלאַץ א'...", טענדלאַו, 354. אין קללות. פֿאַלן
.
זאָל ער און ניט א'! ניט דערלעבן (פֿאַרשפּאָרן)
זאָל ער אויפֿ(צו)שטיין! [←בּ2].
2. אויפֿכאַפּן זיך פֿון שלאָף און פֿאַרלאָזן
דאָס געלעגער. „אַז מע לייגט זיך הונגעריק,

שטייט מען אויף שלעפֿעריק“, שוו. „ווער עס
לייגט זיך מיט אַ הונט שלאָפֿן שטייט אויף
מיט פֿליי„, שוו. א, לעבֿודת הבּורא. *בּײַם
לייגן זיך און בּײַם א, = תּמיד, אַלעמאָל. „אַז
אָך און וויי דיר, ייִדעלע! פֿון זינט דו
שטייסט אויף ביז דו לייגסט זיך — ווייסטו
ניט פֿון קיין חיי־שעה, רק דו לײַדסט
יסורים“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. *לייגן זיך
ווי אַ לעמעלע און א, ווי אַ לייבּ = פּלוצעם
ווערן מוטיק, קעמפֿעריש. א, כּאור (קאַיאָר)
= מיט די ערשטע שפּראָצן אויף טאָג. א,
ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך (שפּאַסיק ווענן א,
גאָר פֿרי). א, פֿרי, ווען די הענער קרייען,
כּעלות השחר; ווען עס בּלאָזט אויף טאָג, ווען
עס שאַריִעט אויף טאָג, מיטן טאָג צוגלײַך.
א, צו ח צ ו ת = צוועלף בּײַנאַכט, צו תּפֿילה
און קלאָג אויפֿן חורבּן בּית־המקדש. „איז
אויפֿגעשטאַנען צו חצות...געוויינט און געקלאָגט
אויף חורבּן בּית־המקדש“, ממוס, ,בּישיבֿה של
מעלה'. א, צו ס ל י ח ו ת = א) צו זאָגן
סליחות. “אַן ערבֿ יום־כּפּור פֿריא שטיא אויף צו
סליחות, לוז דיר זײַן קיין מיא“, ה II, ד. „אבּר
מיר (אַשכּנזים) האבּן דען (סדר) דאש מיר אויף
דאש אליר וויניגשט פֿיר טאָג פֿאַר (ראָש

השנה) אויף שטין (ס▯חות) צו זאָגן", קהלת שלמה, אַמשט 1744, עג/ב. „דער שמש אין פֿרידן געהאַט האָט זײַן שליחות צו וועקן די ייִדן צו א, צו סליחות", אַר, 'דער שמש וועקט'; בּ) בּכלל פֿרי א, כּדי שווער צו אַרבּעטן. „זי וואַר אויף גישטאַנדן איין שטונד בֿור טג", בּבא־בּוך, 616. דא זיין די וועכטר מחויבֿ אויף צו וועקין אחד אוֹ שנים פֿון דיא ממונים אונ, זיא זיין מחויבֿ תּיכף אויף צו שטיין", תּקק. „דא זאָגט דע[ר] ווירט: עז איז וואָל צײַט שלאַפֿן צו גין, ווען איר וואָלט יוא מאָרגן פֿריא אויף שטין", ספֿר משלים קוא בּוך, מט/א. *א, אויף דער לינקער זײַט = א, אין אַ שלעכטער שטימונג, אַ בּייזער, ניט אויסגעשלאָפֿן [מע שלאָפֿט אײַן אויף דער לינקער זײַט, אין שלאָף קערט מען זיך איבּער]. *א, מיטן לינקן פֿוס פֿון בּעט = דז און אויך זיך אַרומקריגן [דעם ערשטן טריט זאָל מען שטעלן מיטן רעכטן פֿוס].

3. אויפֿכאַפּן זיך פֿון שלאָף און בּלײַבּן

אויפֿן געלעגער. זן. „...ער למחרת אום קלאָג

ג, [= דרײַ אַזייגער] איזט אויף גישטאנדין און',...איזט גיזעסין און'...", גה, 61.

4. איבערקומען אַ קראַנקייט און פֿאַרלאָזן די קראַנקנבעט. א, פֿון אַ שווערער קרענק. ,,מע טאָר ניט הייסן אַ געזונטן זיך לייגן און אַ קראַנקן א'", שוו. ,,קרויט און בוריקעס האָבן זיך אויפֿגעמינטערט... ווי מענטשן וואָס שטייען אויף פֿון אַ גרויסער חולאת,,, לדב, 440. ,,די שטאָט איז נאָר וואָס פֿון דער מאָדנער טיפֿוס־קרענק אויפֿגעשטאַנען,, פֿײַוול

,

סיטאָ, אָט דאָט זײַנען מיר. אויך: א, פֿון ק י מ פּ ע ט.

5. ווידער לעבעדיק ווערן. א, תּחית־המתים. א, פֿון קבֿר תּחית־המתים = איבערקומען גרויסע סכּנה, שווערע קראַנקייט. *ער וועט שוין קיין (צו) תּחית־המתים ניט א, = אַזוי טיף ליגט ער אין דער ערד, דה ער וועט שוין ניט אויפֿגעריכט ווערן, ער איז פֿולקום

באַנקראָט, איז אַ פֿאַרפֿאַלענער אע. „אַז מע באַגראָבט לעבעדיקערהייט, קען מען קיין תּחיתהמתים ניט א'“, ש וו. קללה: „דער רוח מעג טאַקע כאַפּן דעם ממזר, ער זאָל קיין תּחיתהמתים ניט א'“, ממוס, פּישקע. „און אַלע פֿון גרויס ביז קליין וועלן פֿון טויט שוין א, — וועט איטלעכער מוזן לויפֿן בײַ זיי דעם טלית אויסקויפֿן“, עט, משלים. „און שטייען וועט די יאָרן אויף פֿון קבֿר פֿון פֿאַרמאַכטן....,,, סעג, 'באַגראָבענע לײַדן'. *דײַן טאַטע (רבי אע) זאָל פֿון קבֿר א, און דיך זען (אָנקוקן), וואָלט ער זיך צוריקגעלייגט — אַזוי שלעכט ביסטו (פֿירסטו זיך אאַזוו), אַזוי פֿיל צער וואָלט ער געהאַט פֿון דיר.

6. אָן אָפּלייגן זיך נעמען צו עפּעס, מיט אַנטשלאָסנקייט דורכפֿירן [די טואונג ווערט אויסגעדריקט אין צווייטן ווערב. אינגאַנצן ווי אין און פֿ ו ן לק ׳יקס אָבֿי ויאכל, (בראשית, כז, 31) — מ 1/17 ,t. “ער זאָל אויף שטיין“; אַזוי אויך אין אַנדערע פֿאַרטײַטשונגען; אַזוי אויך תּי: „זאָל מײַן פֿאָטער א, און עסן“]. „און, תּיכּף בחרי אף אויף גשטנדין און, זיין ח, מאות ווידר אַוועק גיטראַגין“, גה, 342. „און, דיא לוים זיינן אויף גישטאַנין

און, האָבן אום גיבראכט אלי רשעים...", נצ1, בראשית, יז/א. "דא איז אויף גישטאנדן רבי אלפֿס און האָט דען תּלמוד אַן גישריבן קערצר", לט1, 2/135. „שטאַרקער גאָט ישׂראלס, שטיי אויף, שוויַיג ניט מער", ממו0ו, שירה. „שטייט אויף, ייִדן... און לכו ונלכה — לאָמיר גיין!", שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.

7. אָנהייבן זיך (וועגן צײַט). אַ גוטע, גליקלעכע אַזוו, אַ שלעכטע, שרעקלעכע אַזוו צײַט וועט א'. אַ נײַע תּקופֿה, אַ נײַער פּעריאָד שטייט אויף. „אַ שלעכטע צײַט איז אויפֿגעשטאַנען אויף דער וועלט, איבער דער ערד זענען נאָר וואָס דורכגעגאַנגען די מלחמות פֿון גוג און מגוג", אַש, תּהילים־ייִד. „אַ נײַער דור איז אויפֿגעשטאַנען וואָס שרײַבט נישט מער קיין מעשׂה־ביכלעך", דוד פֿרישמאַן, קלייניקייטן, טאַרנאָוו 1894.

8. אויפֿקומען, אויספֿורעמען זיו אין דער אינעווייניקסטער וועלט. זכרונות שטייען אויף.

□

אויפשטײַערן

נײַע מחשבֿות, רעיונות, טראַכטענישן אע וועלן

א'. „בײַ יאָסעלען אין דער מחשבֿה שטייען אויף די אַלע שיינע בילדער פֿון אַמאָל“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

9. אויפֿקומען, אויספֿורעמען זיך אין דער דרויסנדיקער וועלט (בלויז וועגן נאַטור־דערשײַנונגען מיט כּוח, מיט אימפּעט). עס שטייט אויף אַ געוויטער (אַ ווינט, אַ שטורעמווינט). „אַזוי האָבן זיי געזעגלט... ביז פּלוצלעם איז אויפֿגעשטאַנען אַ שרעקלעכער שטורעמווינט“, ממוס, מסעות. „דער ים וויגט זיך, און פֿון רונצלען וועלן א, וואַלן וואָס וועלן שלינגען שיפֿן“, פּרץ, 'נסים אויפֿן ים'.

1O. אויפֿקומען און באַווײַזן זיך ווי אַ נײַס (בשײַכות מיט אַ נײַעם מ ע נ ט ש ן וואָס איז דער גורם פֿון נײַס). [אינגאַנצן ווי אין און פ ו ן לק: ,ויקם מלך חדש, (שמות, א, 8) — תּי: „איז אויפֿגעשטאַנען אַ נײַער מלך“ און אַזוי אויך אַלע פֿריִערדיקע פּאַרטײַטשדנגען]. „און עס איז ניט אויפֿגעשטאַנען אין ישׂראל נאָך אַזאַ נבֿיא ווי משה“, תּי, דבֿרים, לד, 10. „אונ אַז הקבּ“ה האָט גיזעהין עש ווערין אויף שטין דורות רשעים... האָט ער דאש גרושה ליכט בהלטין“, נצ1, בּראשית, ג/ד. „אַלי האַלטין שון בצײַטן מיט דעם

יונגן וואָס וועט נאָך אים אוף שטיין", מס, קהלת תּקע"ט, ד, 15 [= 'אַשר יעמד תּחתּיו'].
„אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע יאָר בּיז די נײַע מאַכט איז אויפֿגעשטאַנען...", לדבֿ, ס"ו. "אויבֿ עס וועלן אַמאָל בּײַ אײַך א, גאַזעטן־שרײַבער צו פֿאַרענטפֿערן אײַך פֿאַר די אומות העולם...,,, ממוס, קליאַטשע. *עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ (נײַער) המן = אַ (נײַער) שׂונא־ישׂראל האָט זיך בּאַוויזן און איז אַרויסגעטראָטן קעגן ייִדן.
11. זיך שטעלן (אַרויסטרעטן) קעגן עפּעס אָדער עמעצן. א, קעגן אונטערדריקונגען, א, קעגן אונטערדריקערס. א, אין נאָמען פֿון (צוליבֿ, לשם) אַ גרויסן ציל. „...געזען אַז איך וויל זײַן רצון ניט טאָן, איז ער אויף מיר אויפֿגעשטאַנען ווי אַ רוצח די מעשׂה מיט גוואַלד צו טאָן", פֿאַוויר, גדולת יוסף. „ הײַנטיקע בּיטערע יאָרן, ווען סע שטייען אויף אויף אונדז אַזוי פֿיל מזיקים און בּייזע מחבּלים...", ממוס, 'צוריק אַהיים'. „עס איז הימל עפֿן זיך: אַ בּרודער שטייט אויף אויף אַ בּרודער", שע, פֿון כּתרילעווקע.
12. ארכ פֿאָרשטיין; זײַן דער רעזולטאַט.

.

היזק אָדער רווח קען א, פֿון עסקים. ,,...ער ע״ה גיוואושט האָט דאז אים קיין רווחי, גאַר אויף שטין״, גה, 123.

13. אַרכ. אַוועקשטיין; זיך ניט באַטייליקן [אויפֿהייבן זיך און אַוועקגיין פֿון אַן אַסיפֿה, פֿון אַ וועד]. ,,און, אין דען ענינים זולין מוזין אויף שטיין אַלי קרובֿים, אַפֿי, שלישי בשלישי... דז די נימנט זולט נחשד זיין״, תקק.

אויפֿשטייער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס וואַכט אויף, שטייט אויף פֿון שלאָף.

,,ווער עס האָט אַ שם פֿאַר אַ פֿריִען א, דער מעג ביז צוועלף אַזייגער אין בעט ליגן״, שוו.

,,פּרץ איז געווען אַ פֿריִער א׳״, מאַרק שווייד.

אויפֿשטײַערן — ← אויסשטײַערן.

אויפֿשטייערן זיך

▯

אויסשטײַערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אויף, זיך ~געשטײַערט. מיטן אייגענעם גוטן ווילן זיך מתחייבֿ זײַן אַרײַנטראָגן לטובֿת דער מלוכה, אינסטיטוציע אע אַ געוויסע סומע געלט, פּראָדוקטן אאַ. א, זיך מיט אַ טאָג אַרבּעט לטובֿת די געליטענע.

אויפֿשט▯.פֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטײַפֿן (זיך). א, פֿון בּלוטגעפֿעסן.

▯ ▯

אויסשטײַסן — טרוו. שטײַף אויף, ~ געשטײַפֿט. 1. מאַכן שטײַפֿער. א, דעם קנופּ, ער זאָל זיך ניט אָפּלאָזן. א, דעם מוט צו קעמפֿן. 2. צוגעבן קראָכמאַל (בּײַם וואַשן) און מאַכן שטײַף. א, אַ ווײַסע מאַנישקע.

אויפֿשטייפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו פֿון

___ ___

.

זיך ווערן שטײַף. דאָס נאַסע וועש שטײַפֿט
זיך אויף אויפֿן פֿראָסט.

אויפֿשטינקען — אוטוו. שטינק אויף, ~
געשטונקען. מיטאַמאָל אָנהייבן אַרויסגעבן אַ
שלעכטן ריח. א, אַז ס'זאָל פֿאַרכאַפּן דעם
אָטעם.

▯ ▯

אויסשטיסן — אוטוו. שטיף אויף, ~
געשטיפֿט. מיטאַמאָל (ווידער פֿונדאָסנײַ)
אָנ,
הייבן שטיפֿן. זיצן ווי קאָטינקעס און פּלוצעם
א, אין קלאַס בעתן לימוד.

▯

אויסשטיצן — טרוו. שטיץ אויף, ~געשטיצט.
פֿטמ. אונטערשטיצן, אונטערהעלפֿן ביזן
געהאָלפֿן ווערן. „איך האָב אים אַל▯ין
אויפֿגעשטיצט און געבראַכט צו אַ פֿײַנעם וואַרשטאַט“,

רייד.
אויפֿשטיצן זיך — ← דפֿוו. זיך סומך זײַן, פֿאַרלאָזן זיך. א, זיך אויף אַ פֿרײַנד. א, זיך אויף אַ השערה. א, זיך אויף וואָס דער האָט געהערט, אַז יענער האָט געזען.
אויפֿשטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטיקן I & II ־קע□'ן.
.
אויפֿשטיקן 1 — טרוו. שטיק אויף, ~ געשטיקט. אויך מיט ז י ך. צונויפֿשטיקן, צונויפֿדריקן, צונויפֿפּרעסן. א אַ פֿולע שטוב
,
מענטשן ווי הערינג אין אַ פֿאַס. א, זיך אין אַ קעמערל ד, על ד'.
אויפֿשטיקן 11 — טרוו. ← דפֿוו. אויסשטיקן, אויסהעפֿטן, אויסנייען וויפֿל עס איז נייטיק. א, בלומען אויף אַ סערוועט, אויף אַ העמד.
אויפֿשטיקעניש — דאָס (די), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אויפֿשטיקן (זיך), אויפֿדריקן (זיך), אויפֿפּרעסן (זיך).
אויפֿשטעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטעכן (זיך).
אויפֿשטעכן — טרוו. שטעך אויף, ~ געשטאָכן. 1. אויפֿעפֿענען דורך שטעכן. א אַ

,

מכּה, אַ בלאָטער. *א, דעם בלאָטער =
רעאַליסטיש (אָדער ברוטאַ) ווײַזן אין וואָס עס
באַשטייט דער קאָנפֿליקט, די אינטריגע, די
ניט־געזונטע סיטואַציע (און מיט דעם
פֿאַרבעסערן). 2. אַרויפֿשטעכן. א, אַ פֿיש אויף
א שפּיז. א אַ פֿלאַטערל פֿאַר דער קאָלעקציע.

,

*א, עמעצן אויפֿן בליק = קוקן
אָנגעשטרענגט (חוצפּהדיק) אויף עמעצן, יענער
זאָל עס באַמערקן. "טרייפֿענע אויגן זײַנע,
זיי שטעכן אויף מיידלעך אויף זייער בליק„,

רייד. 3. צונויפֿ .יען בחפּזונדיק, ווי ס'ניט
איז. א, דעם גוואַלדריס. 4. אויפֿקריצן.
„אויפֿן צינגל [פֿון דער וואָגשאָל] איז געווען
אויפֿגעשטאָכן איר אייגן הערצל", פּרץ,
'ס'הערצל צאַפּלט'. 5. אויפֿפּאַרטיקן
באַפּוצונגען, אוזאָרן אע דורך אַרויסציִען מיט דער
נאָדל פֿעדעם פֿון געוועב. 6. פּיקירן,

ערגערן. א, עמעצן אויף טריט און שריט.

▯

אויסשטעכעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטעכן.

אויפֿשטעל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטעלן (פֿאַרשיידענע בבֿ). א, פֿון נאָך אַ גאָרן. א, פֿון אינדוסטריע. ,,ער האָט פּסיכיש איבערגעלעבט דעם א, פֿון יִדישער מלוכהשאַפֿט", אפֿא, געטראַכט מיט עבֿריטײַטש. א , ־ בּ ע ט (ל) = בעט וואָס איז בײַטאָג צונויפֿגעלייגט און ווערט אויפֿגעשטעלט צום שלאָפֿן. ,,...די דרײַ דאָלאַר אַ חודש דירה־געלט פֿאַר שלאָפֿן אויף אַן א, בײַ אַ לאַנדסמאַן", י. האָראָוויץ, טמז, 1957 XII 2. א, ־ ט י ש (ל).

אויפֿשטעלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטעלן (זיך). די א, פֿון אַ געבײַדע. די א, פֿון גוטע באַציאונגען צווישן שכנים.

אויפֿשטעלן — טרוו. שטעל אויף, ~ געשטעלט. 1. פֿון אַ ליגנדיקער (אָדער אַ

זיצנדיקער) פּאָזיציע אַרײַנבּרענגען אין אַ
שטייענדיקער. א, דאָס קינד פֿאַרן הענטל. *א אַ

,

גערפֿאַלענעם = אויך: העלפֿן אין נויט (העלפֿן
זיך שטעלן אויף די פֿיס). *א, בײַ (פֿאַר) די
אויערן = א, מיט אַ סך מי, מיט גרויסער
אָנשטרענגונג. ,,...איז ביכולת אויפֿצוהייבּן דעם
קאָפּ הויך און אויפֿצושטעלן אַ טייל פֿונעם
גוף אויך", ממוס, שירה. ,,ווי ער שטעלט אויף
אַ גאַרבּ...", זרעיס, פּו/א. 2. העלפֿן,
מעגלעך מאַכן מע זאָל קענען אויפֿשטיין פֿון בּעט
נאָך אַ קראַנקייט. בּרכה: "דער גוטער דאָקטער
אין הימל זאָל אײַך א,". "ס'איז טאַקע נאָר אַ
נס וואָס דער יונגער דאָקטער האָט מיך
אויפֿגעשטעלט", רייד.
3. אַרויפֿשטעלן, שטעלן פֿון אויבּן,
אַרויפֿצו. א, די אַנטענע אויפֿן דאַך. א אַ מצבֿה,

,

אַ שטיין אויפֿן קבֿר. ,,אַז מע דאַרף א אַ
קוי,
מען איז אַ סימן אַז עס איז פֿאַראַן אַ רויך",
שוו. "צוקאָפּנס פֿון זײַן גרובּ אויפֿגעשטעלט
אַ שטיקל בּרעטל", מל, 'זיבּן בּרידער'. ,,[ער]

האָט אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון האַלבן פֿעלצל", אָפּא, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

4. אַרויפֿשטעלן אויפֿן טיש, דערלאַנגען צום עסן, מכבד זײַן, טראַקטירן. א, אַלע גוטיקייטן פֿאַר די געסט. „טוט מן אים אויף שטעלן איין האדן בריא, עש מאָגן זײַן צעהן געשט אָדר צווייא", אַשכּנז. „וואָן אבר דיא סעודה אַן דער וואָכן גהאלטין ווירט, שטוהט פֿרײַא לבעל־הסעודה אַן שטאַט [= אַנשטאָט] פֿיש בשבת מיט זופּן אונד הינר אויך קאַלאַטשן אויף צו שטעלין", 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ"ז [ייִבל I].

5. אויפֿהייבן, אַרויסשטעלן (וועגן די גלידער פֿון גוף, אין אידיאָמאַטישע אויסדרוקן).

אויפֿשטעלן

*א, די אויגן, אַ פּאָר אויגן = אָנקוקן מיט חידוש, פֿאַרוואונדערונג אָדער באַגײַסטערונג. „וועט ער א, אויף אײַך זײַנע שיינע, שוואַרצע ייִדישע אויגן", שע, אין שטורעם. "וואָס הייסט: עס גרילצט? — האָט דער חזן דערשראָקן אויפֿגעשטעלט די אויגן", אר, 'פֿאַרלאָרן דעם קול'. *א, די אויערן

= מיט נײַגער, מיט אינטערעס זיך צוהערן.
,,ער האָט אויפֿגעשטעלט די אויערן, הערנדיק
בנימינס רייד וואָס האָבן געבראָכן דעם מוח‟,
ממוס, מםעות. ,,דאָס שקאַפּעלע האָט
אויפֿגעשטעלט די אויערן [צו הערן בעש‟ט'ס
ווערטער], געוואַרט‟, ייִט, טמז, 5 1959 II. *א,
מויל און אויערן (שפּאַסיק: נאָז און אויערן)
= זײַן גאָר שטאַרק פֿאַרחידושט בײַם הערן
עפּעס. ,,ס'איז געשען אַ מעשׂה, טאַקע מויל
און אויערן אויפֿצושטעלן‟, פּר◌ו, 'די טויטע
שטאָט'. ,,ביידע, דער בעל־הבית און דער
מחבר, האָבן אויפֿגעשטעלט מויל און אויערן‟,
שע, אָרעמע און פֿריילעכע I. *א אַ ה אַ נ ט

,

= אויסשטרעקן די האַנט צו בעטן נדבֿות.
,,...אָרעמע־לײַט...איידער זיי זינקען און
מוזן אָפּלייגן די בושה די האַנט אויפֿצושטעלן,,,
קמ, 10 1866, No. *א, דעם גראָבן פֿינגער =
זיך אַרײַנלאָזן אין אַ חקירה. ,,דער
ישיבֿהבחור ליגט אים אויפֿן פּנים...רעדט הויך...,
אויפֿשטעלנדיק דעם גראָבן פֿינגער‟. ,,שטעל
ניט אויף דעם גראָבן פֿינגער, זאָג קורץ ◌ון
שאַרף‟, רייד. א אַ פֿינגער = מתרה זײַן,

,

-

סטראַשען. „רופּט ער זיך אָן אויפֿשטעלנדיק
אַ פֿינגער... מיט אַ התראה“, ממוס, ווינטשפּ.
*א אַ פֿויסט, אַ קולאַק = סטראַשען מיט

,

קלעפּ. „טפֿו זאָל עס ווערן אינגאַנצן! = זאָגט
דער אשמדאי, אויפֿשטעלנדיק בײדע
קולאַקעס“, ממוס, קליאַטשע. *א, די פ ל יי צ ע ס
פֿאַר עמעצן = פֿאַרטיידיקן, זיך אָננעמען
יענעמס קריוודע. „זאָל ער טאָן וואָס ער וויל,
ער איז שוין ניט קיין מלופּם־קינד, איך ווע□
פֿאַר אים די פּלייצעס ניט א'“. *א, פֿ□דערן
(וועגן פֿייגל און אויך באַשעפֿענישן אָן
פֿעדערן) = זיך דערשרעקן, זײַן גרייט זיך צו
פֿאַרטיידיקן. א, די פֿעדערן און אַרויסשטעלן
קולאַקעס. “פּלוצעם גיט ציפּעטשקע אַ ציטער,
שטעלט אויף די פֿעדערן און איז
אָנגעבלאָזן“, ממוס, קליאַטשע.
6. אַוועקשטעלן, עס זאָל שטיין אַ געוויסע
צײַט און ווערן גרייט. א, אַ גלאָז מילך (עס
זאָל ווערן זויערמילך). א, ווײַן. א, (אַ) נאַליווקע
[אַרײַנלייגן אין אַ פֿלאַש, (סלאָי, גאָנשער)

אַגדעס אָדער פּירות, באַשיטן מיט צוקער און
י
לאָזן שטיין, ביז עס ווערט גרייט דער סאָק,
זאַפּט]. ״נאָך פֿאַראַיאָרן זומער האָט מען
אויפֿגעשטעלט ווישניק און מאַליניק אויף
פּסח״, ייִפֿאָל, 11 1885' No.
7. צוגרייטן, פֿאַרטיק מאַכן. א, אַ געקעכטס.
א, ווערטשערע = צוגרייטן דאָס נייטיקע און
אַוועקשטעלן אויפֿן פֿײַער, עס זאָל זיך קאָכן.
א, דעם סאַמאָוואַר = אַרײַנגיסן דאָס וואַסער,
אַרײַנשיטן קוילן, פֿונאַנדערבלאָזן דאָס פֿײַער.
״הייסט א, דעם סאַמאָוואַר און זײַט מיך מבֿזה
מיט אַ גלעזל טיי״, קמ, 15 1868, No. „די
רביצין שטעלט אים יעדן טאָג אַ בלעכערן

אויפֿשטעלן

סאַמאָוואַרל אויף אָן אַ טשײַניק, שיט אין
סאַמאָוואַרל אַרײַן עטלעכע קערנדלעך טיי„,
פּרץ, מײַנע זכרונות. א, אַ פּאַסטקע פֿאַר די
מײַז. א, אַ נעץ פֿאַר די פֿיש. *א, אַ נעץ =
אויך: אַרײַננאַרן, צוגרייטן בסוד אַן אומגליק,
אַ מעגלעכקייט צו שאַנטאַזשירן אע. „דער
וואָס מאַכט אַגליטש פֿין זײַן פֿרײַנט וועגן —

דער שטעלט טאַקע זיך אַליין אַנעץ אוף״,
מס, משלי תּקע״ד, כט, 5. א, אַ חשבּון. „
אייגנטלעך ווערט דער רעכענונג אויפֿגעשטעלט
מיט רובּל און קאָפּיקעס...״, מלאכת מחשבֿת,
ווילנע 1874.

8. אַוועקשטעלן עס זאָל זיך אַרויפֿהייבּן;
אויפֿבּויען. א אַ סוכּה פֿון בּרעטער. א אַ

,

געצעלט פֿון ליַיוונט. „...אויפֿגעשטעלט אַ
בּודקע מיט גרינס און פֿאָרהאַנגען״, אַש,
תּהילים־ייִד. „דער גאַנצער עולם־הזה איז מער ניט
וו אַן אוהל...וואָס מע שטעלט אויף צוליבֿ

י

דורכשלאָפֿן אַ נאַכט״, לדבֿ, 428. „גליַיך אַז
איינר שטעלט אויף איין היפּש בּנין...,„ נצ1,
בּמדבּר, כד/א. „שטעהלסטו איין הויז אויף
און קומט דיר גראַד איין מצווה צו...״, עיון,
2/19. „ווי דאָס שוועלבּעלע וואָס האַלט זיך
בּיַי אונדז אויף און שטעלט אַ נעסט אויף״,
ממוס, שירה. „גאָט האָט אויפֿגעשטעלט די
הימלען מיט פֿאַרשטאַנד״, תּניא, 174. פֿיג. ▯ ,
אַ דור, אַ משפּחה. „ועסטו דיר אויסזוכן אַ
מיידל, חתונה האָבּן און א, אַ פֿאַמיליע״, טמז,
XII 19▯0 7.

9. קאָנסטרואירן; צונויפֿשטעלן פֿון באַזונדערע טיילן; מחבר זײַן; קאָמפּאָנירן. א, אַ פּערפּענדיקולאַר צו אַ גראָדער ליניע. א, אָ ווינקל פֿון...גראַד. א, אַ טורעם פֿון קלעצלעך. א, פֿון שטיינדלעך אַ פֿיגור. א, אַ סאָנעטןקראַנץ. „זוא האבּ איך זיא [= מײַן לעבּנסגעשיכטע] אײַך דאַר אין קארטצין אויף גישטעלט כּדי איר ווישן קענט פֿון וואַש פֿאַר לײַט איר הער זײַט“, גה, 67. „און וועט עס וועלן א, אין אַ חרוז, דאָס הייסט דער שיר זאָל זײַן נאָך דעם גראַם נאָך“, חה, בּ, 179.

1O. (דרוק) מאַכן אַ גרעסערן איינס פֿון באַזונדערע טיילן; (אויס)בּרעכן, וויאָרסטעווען. א אַ זײַט מודעות. א אַ פֿאָרמע פֿון אַ

, ,

צאָל זײַטן.

11. אַוועקשטעלן (פֿונאַנדערציִען, אויסלייגן) מע זאָל קענען ניצן. א, אַ בּעטל פֿאַר אַ גאַסט. א אַ טישל. א, שטענדערס פֿאַר די נאָטן. א,

,

אַ לאַנגן טיש מיט צוגאָבּ־בּרעטער פֿאַרן סדר. „דעם שלש־סעודות־טיש האָט מען געהייסן א, דווקא אין בּית־מדרש, ווי בּײַ גרויסע

יום־טובים“, אַש, תּהילים־ייִד.

12. רעקאָנסטרואירן, אויפֿריכטן (וואָס עס איז פֿריִער געווען און איז צעשטערט געוואָרן). ,,ווידער א, דאָס גלײַכגעוויכט“, יאַי, איבּז אַנטראָפּאָלאָגיע, נ״י 1920. א, די ווירטשאַפֿט נאָך דער מלחמה. א אַ קהילה־לעבּן. ,,אויף

,

אים האָפֿט מען, ער וועט צוריק א, די בּאָד,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,מײַן בּענקשאַפֿט האָט שוין אויספֿאַרריכט דאָרט אַלע וועגן, מײַן האַרץ האָט אויפֿגעשטעלט צוריק אַ פֿאַרבּרענטע בּריק,,, רחל קאָרן. ,, אויפֿצו...

496

שטעלן זי פֿון דער ערד צוריק אויף איר בּאַשטאַנד,,, ספֿר דובֿר שלום, פּשעמישל.

13. אָרגאַניזירן, אײַנאָרדענען, אײַנשטעלן. ,,חתונה מאַכן דעם זון און א, פֿאַר אים אַן אייגענעם וואַרשטאַט“, רייד. א, אַ פֿאַבּריק(ל), אַ זאַוואָד. ,,דאָ בּאַלד וועט בּאַשלאָסן וואָס גיכער אויפֿצושטעלן די טיפּאָגראַפֿיע,,, בּערג, בּײַם דניעפּער II. “מע שטעלט אויף אַזוינע

שולן אין דער שטאָט בראָד,,, טעיאַטאָר. א,
אַ חבֿרה, אַ פֿאַראיין, אַ געזעלשאַפֿט. ,,ווען
מיר נאָך דיר א, יאָרצײַט און לערנען משניות
און טרינקען פֿון דײַן נשמהס וועגן,,, ל.
פּימסענשטיין, תּיקון לייבאַלע, לעמבערג 1894.
14. פֿאָרמולירן (און אײַנפֿירן);
אויסגעפֿינען און פֿאָרמולירן. א, תּקנות. א, אַ
קאָנסטיטוציע, א, געזעצן. ,,...די שווערע גזירות...
וואָס אונדזערע פֿאַרפֿאָלגער האָבן
אויפֿגעשטעלט“, ארז, קמ, 8 1866, No. א, אַן
אָפּמאַך. ,,און איך וועל א, מײַן בּ ו נ ד
צווישן מיר און צווישן דיר“, תּי, בּראשית,
יז, 7 ['והקמתי את בּריתי...']. א, אַ געזעץ
(פֿון דער נאַטור). א אַ נײַע פֿאָרמל, אַ
סיס,
טעם פֿאַר פֿאָרשונג אע.
15. בּאַשטימען; קובֿע זײַן; שטעלן בּראש,
מאַכן פֿאַר אַ פֿירער. ,,זול קיינר איין סרסור
זײַן הן על ידי עצמו או ע“י אַחרים, הן
איינר וואַל אויף שטעלין איין יהודי או להבֿדיל
איין ערל...“, תּקק. ,,ווען די צײַט וועט קומען
...וועט הקבּ“ה אויף שטעלן איין בּיזן
מלך...“, לט1, 1/28. ,,האשט דערשלאגין שבֿעה
אומות אונ האשט אויף גישטעלט מלכים און

שׂרים פֿון ישׂראל“, תּח▯ות ובקשות,
דירנפֿורט 1790 [איבּערדרוק ווילנע 1858]. „האָט אלש בּלד...איין מורשה אויף גישטעלט“, גה, 371.

16. צונויפֿנעמען, צונויפֿקלײַבּן. א, אַ קאַפּיטאַל. „וואָס מיינט איר? פֿון מײַנע אַרבּעטער קען איך א, אַן עשירות?“, רייד.

17. אַנטוויקלען, גײַסטיק אויפֿהאָדעווען. א, אַ סך תּלמידים. 18. אָנשיקן. זן. „זע, איך שטעל אויף אויף דיר אַן אומגליק פֿון דײַן הויז“, תּי, שמואל בּ, יבּ, 11 ['הנני מקים עליך רעה...']. 19. אויסקאָמבּינירן. זן. „ער האָט געוואָלט אַז ער זאָל זיך מיט מיר זען, האָט ער עס אויפֿגעשטעלט און האָט נאָך מיר געשיקט מיט דעם אָנשטעל“, נחבּ, 'מעשׂה מחכם ותּם,.

2O. אויפֿהעצן, אָנריידן; דערפֿירן, בּרענגען צו קריגערײַ, מחלוקתן. א, אַ בּרודער קעגן אַ בּרודער, אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק.

21. אויפֿטאָן, אָפּטאָן אַן אַרבּעט, וואו עס איז פֿאַראַן דער עלעמענט פֿון בּויען, קאָנסטרואירן, פּלאַנירן. א, אַ פּאָר שטיוול. „אַז איינער גיט אַוועק אַ ראָק אויפֿנייען, פֿרעגט ער [זיך] פֿריִער, אויבּ דער שנײַדער קען

רעכט אַ מלבוש א'“, קמ, 4 1866, No.

22. מקיים זײַן, דורכפֿירן אין לעבן. „

גע□ פֿלוכט איז דער מענטש וואָס וועט ניט א,

די רייד פֿון דער תּורה [אָרור אַשר לא יק□ם את דבֿרי התּורה]“, י. מ. הכּהן, ספֿר גדר עולם, וואַרשע תּרנ“ב.

אויפֿשטעלן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

אויפֿאויפֿשטעלערײַ

הייבן זיך פֿון אַ ליגנדיקער אָדער זיצנדיקער פּאָזיציע (און בלײַבן שטיין). „איך האָב זיך אָבער קוים אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס, האָב איך זיך געגעבן אַ בייג אָן צוריק און בין ווידער אומגעפֿאַלן“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „געקוקט האָט מען...צום פּרעדיקער אין דער גאָלדענער יאַרמלקע. האָט זיך די יאַרמלקע אויפֿגעהויבן, האָט מען זיך אויך אויפֿגעשטעלט“, פּרץ, ,נסים אויפֿן ים,. *א, זיך דיבאָם = אויף די הינטערשטע פֿיס (מיט די פֿאָדערשטע אויפֿגעהויבן (וועגן אַ פֿער□); אויך: זיך פֿאַרעקשנען, טאָן צו־להכעיס, פּראָטעסטירן. *א, זיך מלא קומתו = זיך

אויסציִען גלײַך, ווי גרויס מען איז (פֿאַר אַ העכערן אָדער צו ווײַזן אייגענע חשיבֿות).
*א, זיך קוממיות = א) מיט שטאָלץ, מיט האָפֿערדיקייט; בּ) מיט ווידערשפּעניקייט, מיט פּראָטעסט. ,,קוים כאַפּט ער דעם אָטעם, טוט ער זיך אַ שטעל אויף קוממיות און מאַכט קוקוריקו מיט בּרייטקייט,,, ממוס, קליאַטשע.
*די האָר אויפֿן קאָפּ שטעלן זיך אויף (קאַפּויער) = אַזוי שטאַרק לעבּט מ׳ן איבּער דאָס נשתּומם ווערן אָדער דערציטערט ווערן.
,,אָנקוקן דעם העלפֿאַנט — שטעלן זיך די האָר אויף“, ממוס, שירה. ,,ווען מע רעדט וועגן די נאַצישע רציחות, גייט דורך אַ פֿראָסט דורכן לײַבּ, די האָר שטעלן זיך אויף קאַפּויער“, רייד. ,,אויפֿגעשטעלט ווי שפּילקעס וואָלטן זיך די האָר בּײַ יעדן“, מלה, 'זרחיס משפּחה'.
,,מײַנע האָר פֿון דעם פֿלייש האָבּן זיך בּײַ מיר אויפֿגעשטעלט פֿון וועגן דײַן פֿאָרכט וואָס איך פֿאָרכט מיך פֿאַר דײַן משפּט“, חה, בּ, 121.
2. זיך אַקעגנשטעלן, טאָן אַקעגן, ווידערשפּעניקן, רעוואָלטירן. זיך א, קעגן מלכות (שׂררה, רבּין אאַזוו). ,,דען ווען [די קינדער עלטר קומן, דא דאַרף מן זיא ניט מער שלאָגן...[און אויבּ מע שלאָגט], קן דערפֿון

קומן דש זיך קינדר קיגן דיא עלטרן אויף
שטעלן,,, לט1 2/152. ,,קליינע מענטשעלעך...
זינגען אים מה־יפית, כל־זמן ער איז דאָ
[= ער איז אַ בעל־דעה], און זיי שטעלן זיך
אויף...עפֿענען אַ מויל און בילן, אַז ער ווערט
אויס‘‘, ממוס, שלמה. ,,אַנטקעגן האָט זיך
אויפֿגעשטעלט די גאַס מיט רויש און...
געראַנגל‘‘, פּמ, דעם בעל־גופֿס טויט.

3 אויפֿבויען זיך, שאַפֿן זיך, אָרגאַניזירו
זיך אאַ (← אויפֿשטעלן). עס שטעלט זיך אויף
אַ נײַע שול, אַ ייִדישער צענטער, אַ ייִדיש
געזעלשאַפֿטלעך לעבן אאַזוו.

אויפֿשטעלעכץ — דאָס (די), ־ן. אויפֿשטעל,
אויפֿשטעלונג, אויפֿשטילעניש (אויך מיט
ביטול).

אויפֿשטעלעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אויפֿשטעלן (זיך).

אויפֿשטעלער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שטעלט אויף; אויסטראַכטער, בויער,
אָרגאַניזאַטאָר, קאָנסטרוקטאָר. א, פֿון
שאַדאויפֿגאַבעס. אַדי. ־יש.

.

אויפֿשטעלערײַ — דאָס & די, ־ען. טואונג

אָדער אייגנשאַפֿט פֿון אויפֿשטעלער. די צײַט
פֿון ווידעראויפֿבוי, פֿון א', פֿון פֿונאַנדערבוי.

אויפֿשטעמפּלען

אויפֿשטעמפּלען — טרוו. ־פּל אויף, ~
געשטעמפּלט. אויך: ~סטעמפּלען. 1.
אַרויפֿלייגן אַ שטעמפּל, פֿאַרחתמענען. „איינער האָט
אָפּגעשניטן דאָס לעצטע בלעטל, אײַנגעקלעפּט
אַן אַנדערס און אויפֿגעסטעמפּלט זײַן
אַדרעס“, פּרץ. 2. אַראָפּנעמען אַ שטעמפּל,
אויפֿעפֿענען. זן. „נאָר מײַנע אויגן וואַלדיש
גרינען...אָ, מיר באַשערט איז א, דיך, חצות„,
פּמ, ס[ס.
אוי'פֿשטענדיק — אַדי, זן [נר]. 1. בכּבֿודיק;
דזוו אָנשטענדיק. „עס וועט זײַן אויף אַן א,
אָרט אין צענטרום פֿון שטאָט, אין גרויסע
העלע [זאַלן]“, קמ, 2 .35 1869, No. וואָס
באַטייליקט זיך אין אַן אויפֿשטאַנד. סטוטש.
אויפֿשטע'נדיק — אַדי. [פֿון: אויף
שטענדיק] פֿטמ. דזוו שטענדיק, נאָר עמפֿאַטישער.
די א'ע ליבשאַפֿט, געטרײַשאַפֿט.

אויסשטענדיש — אַדי. זן [נר]. וואָס איז שייך צו אויפֿשטאַנד, רעוואָלט. „די א'ע אַראַבישע [שבֿטים] קומען איינער נאָך דעם אַנדערן און אונטערוואַרפֿן זיך“, ייִפֿאָל, 24 1881, No.

אויפֿשטענדלער — ← אויפֿשטאַנדלער. „דער טויט פֿון לעצטן א'“, פּמ, מלחמה.

אויסשטעפּן — טרוו. שטעפּ אויף, ~ געשטעפּט. 1. צונויפֿשטעפּן, צונויפֿנייען. א, אַ פּאָר זאַגאָטאָווקעס (אייבערטיילן פֿון שוכוואַרג). 2. (שנײַדערײַ) מאַכן אַ נאָט פֿון בײדע זײַטן.

אויסשטעקן — טרוו. שטעק אויף, ~ געשטעקט. 1. אַרײַנשטעקן, פֿאַרשטאָפּן. א, אַ קאָריק אין אַ פֿלאַש. א, נאָדלען אויף (אין) אַ קישעלע. א, האָרנאָדלען אין קובליק (פֿרויען־פֿריזור אין אַ קופּקע). 2. באַפֿרײַען פֿון עפּעס וואָס פֿאַרשטאָפּט, אַרויסציִען אַ קאָריק. ל2. 3. אַרײַנזעצן, אָרײַנשטעקן. א אַ נאָדל

,

אין אַ ניימאַשין (שטיקערײַ, קאָליש אאַ). אויך:
א, אַ פּאַטש (אין באַק). 4. אויפֿשטעלן,
אַרויפֿשטעלן. א אַ פֿאָן אויפֿן דאַך. 5.
אַרויפֿ,

-

שטעקן, אַרויפֿשטעכן. „זיי האָבן יעדן נאַקעט
אויסגעצויגן און אויפֿגעשטעקט אויף אַ שפּיז
און געבראָטן לעבעדיק“, עמוד היראה, אונגוואַר
.18▯7
אויפֿשטערכען —. טרוו. ־כע אויף, ~
געשטערכעט. 1. אויפֿנייען, צונויפֿנייען
ניטגעראָטן, אומגלײַך (ווי מיט קישעלעך אין די
נעט). א, אַזוי ווי אַ שיכּורער פּישט (גראָב).
2 פֿאַרענדיקן גיך און ניט־געראָטן יעדן מין
.
אַרבעט. א אַ בענקל.

,
אויפֿשטערנען — דזוו אויסשטערנען ←.
נעאָל, יג.
אויפֿשטערנען זיך — אוטוו. שטערן זיו
אויף, זיך ~געשטערנט. דזוו אויסשטערנען

זיך ←, מיטן בײַבאַטײַט: זיך אויפֿפּוצן, אויפֿשײַנען.

אויפֿשטראַל — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטראַלן. 2. אויפֿגאַנג, אויפֿבלי. „...פֿאַרטײַטשט דעם א, פֿון אַ נײַער עפּאָכע“, יג, תּוך.

אויפֿשטראַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטראַלן. די א, פֿון דער זון.

אויפֿשטראַלן — אוטוו. שטראַל אויף, ~ געשטראַלט. אויפֿקומען אין פֿאָרעם פֿון אַ שטראַל, ווי (ענלעך צו) אַ שטראַל; אויפֿשײַנען, אויפֿגלאַנצן. „...דאָס שטילע א, פֿון די שטערנדלעך“, פּרץ, 'צום נײַעם יאָר'. „ אַלעמענס אויגן פֿלעגן א'„, יק. „[זײַן] פּנים האָט אינגאַנצן אויפֿגעשטראַלט„, אַר, 'די מציאה„. „ניט יעטוועדן מענטש איז געגעבן אַזאַ ניטגעוויינטלעכער גליק — צו א, איין מאָל אין לעבן, און מער זיך ניט ווײַזן צוריק„, הל.

□

אויסשטראָם — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטראָמען. „ווי דער א, פֿון

ים קומט געזאַנג אין מײַן בּרוסט,,, סוצ,
ייִדישע גאַס.

-

אויסשטראָמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשטראָמען. די א, פֿון טײַך.

אויסשטראָמען — אוטוו. שטראָם אויף,
~געשטראָמט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ)
אָנהייבּן שטראָמען, אימפּעטדיק פֿליסן. ,,דאָס
שטילע בּלוט פֿון אַלטע דורות האָט ליכטיק
אויפֿגעשטראָמט אין דיר,,, מאַרק שווייד, אַלע
לידער.
אויפֿשטראָפֿן — טרוו. שטראָף אויף, ~
געשטראָפֿט. 1. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ)
שטראָפֿן, מוסרן. א, עמעצן פֿאַר זײַנע
שלעכטע מידות. 2. אַרויפֿלייגן אַ קנס,
שטראָפֿגעלט. ,,אויפֿגעשטראָפֿט ווערן מיט געלט, אַבּי
ניט דאַרפֿן גיין אין תּפֿיסה,,, רייד.

אויסשטרײַכן — טרוו. שטרײַך אויף, ~

געשטראָכן, ~געשטריכן. אַרכ, מויִ. אויפֿשמירן. „נעם...(מיראקיל) פֿלאשטיר, שטרײַך עז אויף אונ, ליג עז אויף די הענד“, סור, כו/ב.

-

אויסשטרייען — טרוו. שטריי אויף, ~ געשטרייט. (זאַמעט. דרייזין). אויפֿשיטן, אַרויפֿשיטן. א, זאַלץ אויף אײַז. א, צוקער (צימרינג, קאַנייל) אויף אַ קוכן.

-

אויסשטרײַקן — אוטוו. שטרײַק אויף, ~ געשטרײַקט (ליטע, לאַטוויע). אַרויסגיין, אַרויסטרעטן אין אַ שטרײַק, סטרײַק. „א, איז שווער, אָבער דאָך איז עס גרינגער ווי פֿאַרענדיקן אַ שטרײַק“, רייד.

אויפֿשטריך — דער, ־ן. 1. (מוזיק) שטריך אַרויף מיט אַ סמיטשיק איבער אַ סטרונע; אויפֿשפּיל בכלל. א׳־צייכן. 2. דינער אויפֿשמיר. מאַרמעלאַד־א, אויף ברויט (לאָדזשער געטאָ).

אויפֿשטריכלען — טרוו. ־כל אויף, ~ געשטריכלט. מאַכן שטריכעלעך פֿון אויבן; מאַכן סימנים מיט (דורך) שטריכעלעך. א אַ

,

טייל פֿון אַ דיאַגראַם.

אויפֿשטריקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטריקן. ־קעכץ.

אויפֿשטריקן — טרוו. שטריק אויף, ~ געשטריקט. (אויס)שטריקן וואָס עס איז נייטיק, וויפֿל מע דאַרף. א, אַ פּאָר זאָקן, אַ פּאָר הענטשקעס. מיט ז י ך — אוטון. אַרויסקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון אויפֿשטריקן. „זע, סאַראַ שיין שאַליקל עס האָט זיך אויפֿגעשטריקט„.

אויפֿשטרעבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטרעבן. אַ מוטיקע א'.

-

אויפשיבן

אויפֿשטרעבן — אוטוו. שטרעב אויף, ~ געשטרעבט. 1. מיטאַמאָל אָנהייבן שטרעבן. א, צו מער פֿרײַהייט. 2. שטרעבן אויף אַרויף, צו עפּעס וואָס איז הויך, ווײַט. זיו טאָפּטשען אין זומפּ און א, צו די וואָלקנס.

אויסשטרעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטרעמען.

-

אויסשטרעמען —. אוטוו. שטרעם אויף, ~געשטרעמט. 1. דזוו אויפֿשטרעבֿן. 2. אויפֿווײַזן, אַרויסווײַזן אַ נייגונג, אַ טענדענץ. א, אין אַ נײַער ריכטונג; א, צו אַן אַנדער ציל.

-

אויסשטרענגען — טרוו. שטרענג אויף, ~געשטרענגט. אויך מיט ז י ך. מאַכן שטרענג(ער). א, די השגחה איבער די יוגנטלעכע.

▯

אויסשטרעקן — טרוו. שטרעק אויף, ~ געשטרעקט. אויך מיט ז י ך זן. שטרעקן, ציִען אויף אַרויף, אַרויפֿצו. א, די האַנט צו דערגרייכן דאָס אייבערשטע שענקל. „צום פֿויגל־פּיפּץ זיך אויפֿגעשטרעקט“ [= זיך אויפֿגעשטעלט, זיך אָנגעשטרענגט און אַרויסגעגעבֿן אַ פּיפּץ], פּרץ, פֿינף מגילות.

-

אויסשטשאָבען — טרוו. ־בע אויף, ~
געשטשאָבעט. אויפֿנייען, צונויפֿנייען ווי ניט
איז (גיך, ניט־געראָטן). א, עפּעס עס זאָל באַלד
זיך צערײַסן. מיט ז י ך = אויפֿגעשטשאָבעט
ווערן.

-

אויסשטשאָבעניש — דאָס (ד□), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשטשאָבען.

□

אויסשטשימען — טרוו. ־מע אויף, ~
געשטשימעט. אוקר. סל. אויפֿדריקן,
אויפֿקוועטשן. א, די ציין פֿאַר ווייטיק. אויך מיט
ז י ך = די פֿויסטן שטשימען זיך אויף אין
צאָרן, אין פֿאַרדראָס. פּפֿ: ~שטשעמען.

□

אויסשטשיפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~
געשטשיפּעט. סל. דזוו אויפֿצופּן, אויפֿקנײַפּן ←.

□

אויסשטשירען — טרוו. ־רע אויף, ~
געשטשירעט. פּפֿ: ~שטשערען. ←
אויסשטשירען. א, די ציין ווי אַ בּייזער הונט.

□

אויסשטשעפּען — טרוו. ־פּע אויף, ~
געשטשעפּעט. פּפֿ: ~שטשעפּיען. 1. ←
אויסשטשעפּ(י)ען. 2. אויפֿקאָמבּינירן. „אין
שנײַדצימער [פֿון דער שנײַדער □] האָט ער בּאַזונדער
ליבּ געהאַט וואַריאירן מאָדעלן, געהאַקט
אומגעלומפּערט די שטאָפֿן, אויפֿגעשטשעפּעט
פּיתום מיט רעמסס“, י. יאָפֿע, אין קעסלגרובּ,
מאָסקווע 1929.
אויפֿשטשעפּען זיך —. אוטוו. ← דפֿוו. זיך
פֿאַרקניפּן; זיך צונויפֿוואַקסן און בּעסער ווערן.
„פֿאַראַן מינים פֿרוכטבּיימער וואָס שטשעפּען
זיך אויף און פֿאַראַן אַזעלכע וואָס 'ווילן, ניט
זיך א'“.
אויפֿשטשעפּעניש — דאָס (ד □), ־ן.
פּראָצעס פֿון אויפֿשטשעפּען (זיך).
אויפֿשטשערבּעטשען — פֿאָ □ מען און בּ
← אויסשטשערבּעטשען.
אויפֿשטשערבּען — טרוו. ־בּע אויף, ~

געשטשערבֿעט. אויך: ~טשערבֿען. ←
אויסשטשערבֿען. אויך מיט ז י ך = ווערן
אויפֿגעשטשערבֿעט (פֿון זיך).
אויפֿשיבֿן — [לאַנגע י] טרוו. שיבֿ אויף,
~געשיבֿט (~געשאָבֿו) פּר, נאַליציע. 1.

אויפֿאויפֿשיבֿערן

רוקן, אַרויפֿרוקן, אַרויפֿשטופּן. 2. אָפּלייגן,
מדחה זײַן. א, די חתונה אויף אַ חודש.
„...װעלן אַנדערע...בֿאַריכטן...נאָך ווײַטער
אויפֿגעשאָבֿן ווערן“, א. צעדערבֿוים, געהיימניסן
פֿון בֿערדיטשעוו. „האָט זיך די רעגירונג אַליין
איבֿערצײַגט אַז מייסטנס ייִדן זײַנען אָרעם,
און האָט געמוזט א, די שטרענגע
מאָסרעגלען“, קמ, 5 1870, No. [דטשמ פֿאַר
כּללייִדיש].

-

אויסשיבֿערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געשיבֿערט. אויפֿקראַצן; אויפֿטשוכען. א, די
פּלייצע, ס'זאָל אַזוי ניט בײַסן. מיט ז י ך —
אויך: אויפֿטרייסלען זיך. א, זיך ווי אַ הונט

אין פֿליי.

-

אויסשיט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשיטן. ספּעֶ: קינסטלעכע הייכעניש, אָנגעשאָטענע ערד (אין פֿאָרעם פֿון אַ בערגל, אַ וואַל).

אויפֿשיטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשיטן.

אויסשיטן — טרוו. פֿאָרמען ← אויסשיטן.
1. שיטן פֿון אויבן, אַרויפֿשיטן; אַרויפֿוואַרפֿן. א, זאַמד אויפֿן באָדן. 2. שיטן אויף איין אָרט, צונויפֿשיטן, צוזאַמענשיטן. א, אַן ערדוואַל אַרום אַ שטאָט (בײַם באַלאַגערן). א, די תּבֿואה אין שפּײַכלער. מלל פֿאַרטײַטשט דעם שורש ,שפּך סוללה, (שמואל בֿ, כ, 15; ירמיה ו, 6) ,,אויף שיטן" [תּי: אָנשיטן]. 3. אָנשיטן. "יאַנקל — אויפֿשיטנדיק די פֿערד האָבער...,,, בערג, בײַס דניעפּעך I.

אויפֿשיטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך (אָן מענטשלעכער אַרבעט) ווערן אויפֿגעשאָטן. די געלע בלעטער שיטן זיך אויף אין אַ קופּע.

אויפֿשיטעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). 1. אויפֿשיטונג, אויך איר, מיט ביטול. 2. אויפֿשיט, קינסטלעכע הייכעניש. 3. אָרט אין מיל וואו מעל שיט זיך אַרויס.

אויפֿשיטעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשיטן.

אויפֿשיטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשיטערן.

אויסשיטערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשיטערט. 1. מאַכן אַ ביסל שיטער(ער). א, די קאַשע. 2. דטשמ [?]. אויפֿטרייסלען, מאַכן אויפֿציטערן.

אויפֿשיילן — טרוו. שייל אויף, ~געשיילט. אויפֿעפֿענען דורך שיילן. „מאַמע, איך קען ניט א, דעם מאַראַנץ; העלף מיר“.

אוי שיין — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשײַנען. דער א, פֿון דער זון. 2. אויפֿגאַנג, אויפֿשטײַג, אויפֿבלי. דער א, פֿון אַ נײַער תּקופֿה, נײַ לעבן. „....זײַנען צו

יעדן ייִדישן וואָדט...צוגעגאַנגען ווי צו אַ
לעבּעדיקן ווען...אויפֿגעציטערט פֿאַר יעדן א,,
פֿאַר יעדן אויפֿבּליץ“, הל.
אויפֿשיינדלען — טרוו. ־דל אויף, ~
גע־־
שײַנדלט. דזוו אויפֿשײַנען (אין אַ קלענערער
מאָס). מיטן פערזענלעכן צויבּער א, די שׂמחה.

▯

אויסשיינונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אויפֿשײַנען. ,,כּי ממזרח שמש

עד מבֿאו — דען פֿון די א, פֿון די זון בּיז
זײַן [!] אונטערגיין“, חה, בּ, 176.

-

אויסשיינען —. טרוו. שיין אויף, ~געשיינט.
אָפּט מיט ז י ך. אויפֿפּוצן, אויפֿצירן, מאַכן
שיין אָדער שענער. א, דאָס הויז ווי פֿאַר
געסט.

אויסשײַנען — שײַן אויף, ~געשײַנט. אוטוו — 1. אָנהייבן שײַנען. אַרויסגעבן שײַן, ליכטיקייט; אויפֿלײַכטן העל. די זון שײַנט אויף; די לבֿנה, שטערן, פֿײַערלעך שײַנען אויף. „ווען די לבֿנה אויף שײַנט, זאלשטו מיִאן אין דער תּורה, אַז העשט זיא מקבּל געווען הײַנט„, עיון, 2/49. „ווילסטו — וועט דיר א, דײַן מזל נאָך דעם הײַנטיקן טאָג“, פּרץ, 'זיבן גוטע יאָר'. „ווען די זון האָט אויפֿגעשײַנט, האָט זי אויך געשײַנט פֿאַר אַבֿרהמעלעס וועגן“, ווײַס, 'דער אָרעמער יונג'. 2. אויפֿבליִען, אויפֿלעבן; ווערן מונטער, פֿריילעך. „די כלה, באַקומענדיק די טעלעגראַמע, האָט אויף אַ מינוט אויך אויפֿגעשײַנט“, ספּ, סודות. „דער מידער מענטש, אין נויט געפֿאַנגען, האָט אויפֿגעוואַכט, האָט אויפֿגעשײַנט„, אַר, 'די ערשטע'. טרוו — מאַכן עס זאָל שײַנען; העל מאַכן.

„[דער דעת־עליון] איז.. ווי אַ בליץ וואָס שײַנט אויף זײַן שׂכל“, תּניא.

-

אויסשײַערן — טרוו. ־ער אויף, ~געשײַערט. אויפֿפּוצן דורך רייניקן און רײַבן. א, די

לײַכטער אויף שבת.
אויפֿשיכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשיכטן. עטלעכע געאָלאָגישע א'ען.

□

אויסשיכטן — טרוו. שיכט אויף, ~געשיכט. אויפֿלייגן שיכטנווײַז, אַרויפֿלייגן שיכטן איינס אויפֿן אַנדערן.
אויפֿשילדערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשילדערט. אויפֿמאָלן מיט פֿאַרבֿ אָדער מיט ווערטער. „איך קען גאָרניט א, איר שיינקייט“.
אויפֿשילטן — ← אויפֿשעלטן.
אויפֿשימלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשימלען (זיך).
אויפֿשימלען — ־מל אויף, ~געשימלט. אוטוו — (אויך מיט זיך) זיך בֿאַדעקן פֿון אויבֿן מיט שימל. דאָס בֿרויט וועט א, און מע וועט עס ניט קענען עסן. טרוו — ווירקן, מאַכן עס זאָל אָנהייבֿן שימלען. א, קעז.

□

אויסשימערונג — די, ־ען. פראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשימערן. די א, אויף טאָג.

-

אויסשימערן —, אוטוו. ־ער אויף, ~
געשימערט. אויפֿשײַנען מיט בײַטנדיק אָדער
פֿאַרשיידן־קאָליריק ליכט; זיך גיך אויפֿגלימערן,
אויפֿפֿינקלען, אויפֿבלינצלען. "ווי נאָר דער
מאָרגנשטערן האָט געהאַט פֿאַרלאָשן זיך און
די זון האָט אויפֿגעשימערט הינטערן
מזרחראַנד", הר, אָדמס קינדער. "דורך דעם שוואַרצן
שטורעם־טאַנץ אויפֿגעשימערט האָט פֿאַר זיי
אַ גלאַנץ", יהואָש, 'סאַקיאַ מוני'. ,,
אויפֿגעשימערט האָט אַלץ מיט ליכט", ראדאָשיצקי, ליד
אין אומרו.

▯

אויסשינדן — טרוו. שינד אויף, ~געשונדן.
אויפֿעפֿענען דורך אַראָפּשינדן (פֿעל, קאָרע,

אויפֿשלאָג

אייבערשטע שיכט). א, דעם געקוילעטן אָקס און אויסשנײַדן דעם חלבֿ.

▯

אויסשיסונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשיסן. די א, פֿון אַ ראַקעט.
אויף שיסל און אויף טעלער — אַדוו פֿראַזע. מער ווי מע וויל; מער ווי מע קען אויפֿעסן פֿאַרניצן; פֿון אַלע זײַטן. האָכן (קרי, גן, דערלאַנגען) אויף שיסל און אויף טעלער. איר וועגן מכבּד זײַן אַ גאַסט. געוויינטלעכער בֿ = קריגן שטאַרק אָנגעזידלט. „זי האָט מיר געגעבֿן אַ פּסק בּרכבֿ ובֿסוסים, א, ש, א, א, ט"", שע; „כ'וועל פֿון איר האָבֿן, ווי מע זאָגט, בּסוסים ובֿגמלים, א, ש, א, א, ט"", שע.

▯

אויסשיסן — שיס אויף, ~געשאָסן. אוטוו — אויפֿהייבֿן זיך געשווינד; גיך און הויך אויסוואַקסן; אויפֿקומען ווי מיט אַ שאָס.

,,תּחילת וואַקסט [דער בוי] לאַנגזאַם, נאָר אַז
ער האָט שוין וואָרצלען, הייבּט ער אָן גאַנץ
געשווינד אויפֿצושיסן", קמ, 3 1862, No. ,,אָט
האָט אויפֿגעשאָסן ווי אַ ראַקעטע שלום אַש
מיט זײַן שטעטל", דטש, ווילנע. ,,אַ רויז...
האָט אויפֿגעשאָסן...מיט קאָלירן...קלאָרע", צײַט,
'שבּתי צבֿי'. טרוו — אַרויפֿשיסן. א אַ
,
ראַקעט. א אַ קינסטלעך לבֿנהלע.
,

-

אויסשיפּען — ← אויסשיפּען.
אויפֿשיצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשיצן (זיך).

-

אויסשיצן — טרוו. שיט אויף, ~געשצט.
אויך מיט ז י ך. אויפֿהיטן דורך בּאַשיצן. א,
אַ יונג ביימעלע פֿון די פֿרעסט.

-

אויסשיקן — טרוו. שיק אויף, ~געשיקט.
אַרויפֿשיקן, שיקן אין דער הייך; אָנשיקן. א,
תּפֿילות צום הימל.

□

אויסשירעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשירעמען (זיך).

-

אויסשירעמען — טרוו. ־עם אויף, ~געש□־
רעמט. באַשירעמען; אויפֿהיטן, פֿאַרטיידיקן
(אויף אַ געהויבענעם לשון). א, אונדז פֿון
צרות און גזירות.

□

אויסשירצן — טרוו. שירץ אויף, ~געשירצט.
< פֿרידײַטש. אַרכ, מייִ. אויפֿהייבן (וועגן אַ
בגד) פֿאַרקאַטשען פֿאַרקאַשערן. א, דאָס קלייד

און ווײַזן די פֿיס. אויך מיט ז י ך. „דער

פֿוקס זיך דא אויף שירצט...“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

אויפֿשלאַג — דער, ־ן. גאַליציע. אַקציז, שטײַער. א, אויף כשר פֿלייש.

אויפֿשלאָג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשלאָגן (פֿאַרשיידענע בבֿ). א, ־ בֿ ר ע ט = בֿרעט וואו מע שלאָגט אויף צוזאַמענגענייטע טיילן פֿון פֿוטערוואַרג פֿאַרן צושנײַדן (קירזשנערײַ). 2. אַרכ. אַדערויף, האַנטגעלט; האַנטשלאַק, דאָס געבֿן די הענט בײַם אָפּשליסן אַ געשעפֿט. “...רגילין הסוחרים תּוקע כּפּו בכף חבֿרו וזהו גמר המקח, וקור, לו בּלשון אַשכּנז...אוף שליגא“, שו“ת להראש זל, קונסטטינה, רע“ז, כּלל יב, ב. [אין טעקסט: “אויף שליבֿא“. קאָס האַלט ס'איז אַ דרוקפֿעלער, אויפֿן סמך פֿון ספֿר האגודה, כ/ד & רלא/א, וואו מע פֿאַררופֿט זיך אויפֿן זעלבֿיקן מקור און מע געפֿינט „אופֿ“שלק“, „אופֿש“לקא„].

אויפֿשלאָגונג

אויפֿשלאָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשלאָגן.

אויפֿשלאָגן — טרוו. שלאָג אויף, ~געשלאָגן.

1. אַרויפֿשלאָגן, אַרויפֿקלאַפּן פֿון אויבן. א,
מודעות אויף די ווענט פֿון די בתּי־מדרשים.
,,לאָזן אויסרופֿן אין אַלע שולן...און באַזונדערע
אָביאַוולעניעס א, אויף די ווענט...,,, ארז, קמ,
32 1865, No. ,,[ער] האָט אויפֿגעשלאָגן אַ
בריווקעסטל בײַ זיך אויפֿן טיר“, מ. קולבאַק,
זעלמעניאַנער 2 .II. צונויפֿקלײַבן,
צונויפֿנעמען (דורך אָפּשפּאָרן, צונויפֿלײַען אאַ). א,
עטלעכע גראָשנס כּדי עפּעס צו קויפֿן. א, אַן
אַפּותּיקו.
3. אויפֿטאָן, טאָן אַן אַרבעט דורך שלאָגן.
א אַ ביסל פּוטער. א, שניי פֿון ווײַסלעך פֿון
'
אייער. א, שמאַנט, סמעטענע. א, (אַ) פֿײַער
פֿון צוויי שטיינער, פֿון אַ שטיין (מיט אַן
אײַזן) [דערפֿון אויך סתּם: מאַכן פֿײַער אַפֿילו
מיט אַ שוועבעלע און צעלייגן אַ פֿײַער]. ,,עס
איז אָסור איין פֿייאר אויף צו שלאָגן אם
יום־טובֿ“, לט 1, 1/83. “...נעמט אַרויס אַ
לולקע־ציבעק, לייגט זי אָן מיט טיטון און שלאָגט
אויף פֿײַער“, עט, 'דער פֿעטער פֿון אַמעריקע'.
4. אויפֿעפֿענען, אויפֿהאַקן, אויפֿברעכן. א,
די פֿאַרמאַכטע טיר. ,,...אויפֿשלאָגן אַלע
פֿעסלעך מיט געזײַערטע אוגערקעס אין קעלער,,,

שע פֿונעם יאַריד I. *א אַן א ו י ג =

גענבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין אויג [דער
אויגאַפּל זאָל זיך אַזש שפּאַלטן]. *א אַ בּ ײַ ל

= א) געבּן אַ קלאַפּ, עס זאָל ווערן אַ בּײַל
(← בּ1); בּ) אויפֿשנײַדן אַ בּײַל [עס זאָל
אַרויסרינען בלוט, וואַסער, אייטער]. א, אַ בּ ו ך
(ספֿר) = דטשמ, אויפֿעפֿענען.
5. אויפֿשטעלן. א, אַ געצעלט. א, אַ לאַגער.
„אַלע נאָכמיטאָג פֿלעגט מען זיך שטעלן און
א, די געצעלטן וואָס מע פֿירט מיט“, קמ,
18 1864, No. *א, אַ געצעלט = אויך: זיך
אויפֿבּויען אַ היים, זיך בּאַזעצן אין אַן אָרט.
“אונטער דעם שאָטן פֿון דער ריזיקער
פֿרײַהייט־געטין האָבּ איך מײַן געצעלט
אויפֿגעשלאָגן“, נאַד. *א, אַ קיך = אין 20. יה
בּלויז איר, ווען שטעלן זיך קאָכן פֿאַר אַ
ניטאָנגעלייגטן גאַסט. „אָט לויף איך טאַקע א, פֿאַר
אים אַ קיך“; פֿריִער: א אַ קיך = אײַנשטעלן

אַ קיך. „איין קוך זולט איר מיר לושן
[= לאָזן] אויף שלאָגן, איין גרושן פושט
וואָלט איך מאַכן גערן“, בּבא־בּוך, 105. „מע

וועט [דעם יִדישן סאָלדאַט] ניט א, קיין
באַזונדערע יִדישע קיך אין טיף־רוסלאַנד“, קמ,
1865, No l9. “און הײַנט הייב ערשט אָן צו
מאַכן אַ גאַנצן יריד און א אַ מילכיקע קיך,,.

,

קמ, 18 1864, No. *א, אַ קראָם = אײַנשטעלן
און עפֿענען אַ קראָם [פֿון דעם וואָס קרעמלעך
זײַנען געווען אין בײַדלעך, אין בודקעס, דער
עיקר אויף ירידן]. ,,צוליב שלום־בית וועגן
האָט זי דערנאָך זיך אויפֿגעשלאָגן אַ קרעמל“,
ה. אַקערמאַן, טמז, 1958 I י 28. ,,איך וואָלט
מיר צונויפֿגעשלאָגן עטלעכע קערבלעך...און
איך וואָלט מיר אויפֿגעשלאָגן אַ קרעמל“, ש.
בערנשטיין, ר, יאָכצע דל נאה, קעשענעוו 1884.
6. אויפֿהייבן, אויפֿשרויפֿן, מאַכן עס זאָל
אויפֿשטײַגן. א, דעם מקח, א, דעם פּרײַז.

אויך אוטוו — שטײַגן אין פּרײַז. ,,אַז איך
האָב דאָס דערהערט פֿונעם רבינס כשרן מויל
[אַן עצה צו ווערן אַ מלמד, וואָס די ווײַב
האָט עס שוין פֿריִער געעצהט], האָט מײַן

ווייַב בײַ מיר מיט טויזנט פּראָצענט
אויפֿגעשלאָגן,,, קמ, 40 1868, No. *א, אַ געזאַנג
(ניגון) = אָנהייבן הויך צו זינגען.

7. אַרכ. אײַנשטעלן אַ טערמין; אָפּלייגן אויף שפּעטער. "אונ, האבין דיא חת[ו]נה א, שנה וחצי אויף גישלאגין", גה, 145. ,,ווען תּענית אסתּר ווער אם שבּת, זא ליגט מן עש אויף דירשטג [= דאָנערשטיק] דר פֿיר...אבּר דיא אנדרי תּענית שלאָגט מן אויף שפּעהטשט דש מן קאַן", ספֿר המנהגים, אמשט 1723, ט/ב.

8. מיִ. אָפּשלאָגן, קריגן אויף אַן אויטאָריטעט. ,,ער שלאָגט אויף אַלע פּוסקים", טענדלאַו 667 = ער קריגט אויף אַלע פּוסקים, אין היץ פֿון וויכּוח אַרט אים ניט דער דין, עס גייט אים אין נצחון [קען פֿאַרשטאַנען ווערן אויך ווי דער ווערבּ שלאָגן].

אויפֿשלאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַליין, פֿון זיך זיך אויפֿעפֿענען, זיך אויפֿהייבן. די פֿלעשער מעד האָבן זיך אויפֿגעשלאָגן. דער מקח האָט זיך אויפֿגעשלאָגן.

אויפֿש אָכצ — ← אריפֿשלוכצ(
(ע)ן

1. דזוו
— ע)ן.

אויסשאָק — דער, ־ן, ־שלעק.
אויסשלאַק, בּ1 ←. „עס זאָל חלילה ניט טרעפֿן
קיין פּגם, אַז צוויי זאָלן האָבּן אַלץ איינע
אויפֿשלעק„. ש. סאָבּעל. 2. אייבּערשלאַק,
אייבּערצײַג. „ואויף שלעק וארבּלין פּרטיכר
מותּר לעלות מכּל הנ״ל הן חדשים הן ישנים״,
'תּקנות ועד ת״י, [1650], תּס״ג. [ש. דובּנאָוו,
פּנקס מדינת ליטא].
אויפֿשלוכץ — דער, ־ן. אַקט פֿון
אויפֿשלוכצן.
אויפֿשלוכצ(ע)ן — אוטוו. שלוכץ, ־צע אויף;
~געשלוכצ(ע)ט. מיטאַמאָל (ווידער,
פֿונדאָסנײַ) שלוכצן; אויפֿכליפּען. „
אויפֿגעשלוכצט און מיט אַ פֿלאַטער האָט דאָס לעמפּל
זיך פֿאַרלאָשן״, הר, געדיכטע און לידער.
אויפֿשלומפּערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געשלומפּערט. 1. פֿאַרענדיקן טאָן אַן אַרבּעט
שלעכט, אָפּגעלאָזן. א, אַ מלבּוש פֿון בּיליקן
מאַטעריאַל. 2. אָנוואַרפֿן, מאַכן אַ הקדש. א,
די שאַפֿעס מיט שמאַטעס.
אויפֿשלוקן — טרוו. שלוק אויף, ~געשלוקט.
אַרכ. אויפֿעסן, אויפֿשלינגען. „כּורך — היכל
הזקן דער האָט פֿאַר שטאַנדן מן זאַל נעמן
פֿון דער דריטי מצה...אונ, פֿון קרין [= כריין]

אַרום גיוויקלט טרוקן (בּלא טבֿול ובֿלא בּרכה)
זאַל מן עש אויף שלוקן“, בּרכות המזון,
אמשט 1723, מח/א.
אויפֿשלוקערצן פֿאָרמען און בּ ←
אויס -
שלוקערצן.
אויפֿשלײַדערן — טרוו. ־ער אויף, ~
געשלײַדערט. 1. אַרויפֿשלײַדערן, אַרויפֿוואַרפֿן
מיט כּוח, אימפּעט. א, אַ שטיין אויפֿן דאַך.
מיט ז י ך — בײַ גימנאַסטישע געניטונגען.
א, זיו אויף אַ טראַפּעז. 2. צונויפֿשלײַדערן,
צונויפֿוואַרפֿן אָן אַ סדר. א אַלץ אין איין
,

קופּע.

אויפֿשליסן

אויפֿשלייסן — טרוו. שלײַס אויף, ~

געשלײַסט (~געשליסן). פּד. אויפֿפֿליקן,

צונויפֿפֿליקן. א, פֿעדערן פֿון גענדז אין די ווינטערנעכט. פּפֿ: ~שלייסן.

אויפֿשלייערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשלייערט. אַראָפּנעמען אַ שלייער; אויפֿשלייערו די פֿאַרשלייערטע כלה; אַנטפּלעקן, מגלה זײַן.

א, דעם געדיכטן שלייער, ווײַזן ווי דער מת איז. מיט זיך — זיך אַנטפּלעקן. די מיסטעריע (דער סוד) שלייערט זיך אויף.

אויפֿשלייערער — דער, ־ס. נעאָל. ווער עס שלייערט אויף; אַנטפּלעקער, דעמאַסקירער, מגלה נסתּרות. „אין קאַסטנס, וואָס מענטשן רופֿן שטעט, אין שוואַרצע קאַסטנס, גיי און גראַבל, זעער דו, פֿאַרבאָרגנקייטן־א, דו“, צײַט, מטטרון.

אויפֿשלייפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשלייפֿן.

אויפֿשלײַפֿונג — די, ־ן. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשלײַפֿן.

אויפֿשלייפֿן — טרוו. שלייף אויף, ~ געשלײַפֿט. 1 פֿארשלייפֿן, צונויפֿשלייפֿן, צונויפֿ —

בינדן מיט אַ שלייף. א, די שיכבענדלעך. מיט זיך פֿאַרפּלאָנטערט ווערן אין אַן אינטריגע

(פֿאַרדרייטן עסק). זיך אַזוי א אַז עס איז

,

שפּעטער שווער זיך אַרויסצודרייען. 2.
פֿונאַנדערשלייפֿן פֿונאַנדערבינדן. א, דעם שלייף,

,

מאַכן לויז דעם קאָלנער.
אויפֿשלייפֿן — טרוו. שלײַף אויף, ~
גע־־
שלײַפֿט, ~געשליפֿן. (אויס)שלײַפֿן וויפֿל מע
דאַרף, ביז דער נייטיקער מאָס. א אַ
גאָל,
מעסער. א, אַ בריליאַנט.
אויפֿשלימזלען — [...שלימאַ'זלען] טרוו.
שלימזל אויף, ~געשלימזלט. עפּעס טאָן (
כּלומרשט דערגרייכן) אויף אַ שלימזלדיקן אופֿן.
א אַ מסחר, אַן אָפּמאַך, אַ קאָנטראַקט.

,

אויפֿשלינגען — טרוו. שלינג אויף, ~
געשלונגען. 1. אויפֿעסן גיך, ניט צעקײַענדיק.
2. אַרײַננעמען אין זיך. א, ביכער = לייענען
גיך, אַ סך, מיט אינטערעס. א, נײַע אידייען,
געדאַנקען. ,,...האָט יעדעס וואָרט
אויפֿגעשלונגען“, אמד, דער טויטענר] גאַסט, ווילנע

.1869

אויפֿשלינגער — דער, ־ס. ווער עס שלינגט
אויף, דער א, פֿון ביכער, קלאַנגען אע.
אויפֿשליסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשליסן.
אויפֿשליסן — טרוו. שליס אויף, ~געשלאָסן.
1. אויפֿעפֿענען מיט אַ שליסל. א, אַ שלאָס,
אַ טיר, אַ קאַסע. „די העזה בײַ זיי ווערט
נאָך גרעסער, זיי נעמען די קראָמען א,...,,,
אַר, 'דער אומשולדיקער וועכטער'. *א אַ
גע,
שעפֿט = אײַנאָרדענען, עפֿענען אַ געשעפֿט.
*א אַ חשבון — עפֿענען, אָנהייבן אַ נײַע
קאָנ,
טע. 2. אויסגעפֿינען אַ באַשייד; אַנטפּלעקן.
א אַ סוד. „...אויפֿצושליסן גרייט די
פּראָבלע,
מען אַלע די פֿאַרשאָלטענע,,, אַל I, 'צוויי
פּיאָנערן'. 3. אַרכ. אַרויסלאָזן פֿון תּפֿיסה, פֿון
געפֿאַנגענשאַפֿט. „דא זאגטן די לייט מאַן זאַל
אין אויף שליסן, דען הירטן אונ, דען ליבן
אַך לושן גאן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

אויפֿשליסן זיך

אויפֿשליסן זיך — ← דפֿוו. אויפֿעפֿענען זיך
(אַליין, פֿון זיך). „אַ בלום קאָן זיך נישט
א, אין די פֿינצטערנישן. אַ בלום מוז האָבן
ליכט כּדי זיך אויפֿצושליסן“, ייִט, טאָג, I 23
.19▯0

אויפֿשליסער — דער, ־ס. ווער עס שליסט
אויף. „די שליסלען [פֿון דער תּיבֿ▯] גיב ניט
אַוועק דעם שענדער, דעם בייזן פֿאַרלענדער:
זײַ דו [גאָט] איר א', דו — איר פֿאַרשליסער“,
צײַט, 'אַ תּפֿילה'.

אדיפֿשלענגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אויף,
זיך ~געשלענגלט. אויפֿדרייען זיך אָדער זיך
באַוועגן ווי אַ שלאַנג; זיך אויפֿשטעלן אין אַ
געבראָכענער ליניע, שלאַנגפֿאָרמיק. א, זיך
אין לאַנגע רייען נאָכן פּאַיאָק (פּאָרצי▯) ברויט.

אויפֿשלעפּן — טרוו. שלעפּ אויף, ~געשלעפּט.
1. אַרויפֿשלעפּן, אַרויפֿציִען. א אַ וואָגן
,
אויף אַ באַרג. 2. צונויפֿשלעפּן,
צונויפֿנעמען. א, אַלע שמאַטעס אין איין קופּע.

אויפֿשלעפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

צונויפֿקלײַבן זיך פֿון פֿאַרשיידענע ערטער — וועגן

(אָדער ווי) שלעפּערס. א, זיך פֿון דער גאַנצער געגנט צו דער רײַכער חתונה.

אויפֿשלעפּער — דער, ־ס. ווּנ ־קע, ־ס. ווער עס שלעפּט זיך אויף, ווער עס שטייט פֿאַר אַ קראָם און רופֿט אַרײַן, ציט אַרײַן קונים.

אויפשלעפּ — טרוו ף אויף, ~

גען .

שלעפּט. פּר. פּפּ: ~ש עפּערן, לר.

אויפֿוועקן פֿון שלאָף. א, עמעצן און אַרויסשלעפּן פֿון בעט.

אויפֿשלעפֿן זיך — ← דפֿוו. אויפֿוועקן זיך, ווערן וואַך. „איז ר, גרשון געקומען צו אים און האָט זיך געזעצט לעבן אים בײַם אויוון און האָט געזאָגט צו אים: ‚שלעף זיך אויף און גיי מיט מיר דאַוונען מנחה'„, שבֿחי בעש"ט.

אויפֿשלעק — מצ פֿון אויפֿשלאַק ←.

אויפֿשמאַטען טרוו. ־טע אויף, ~ געשמאַטעט. אויך מיט ז י ך. מאַכן פֿון עפּעס (עמעצן) אַ שמאַטע; ברענגען אין (דערפֿירן צו) ניוועץ; קאַליע מאַכן. א, אַ טײַערע זאַך.

אויסשמאַכטן — אוטוו. שמאַכט אויף, ~
געשמאכט. אָנהייבן שמאַכטן פֿאַרלירן כּוחות,
אָפּקומען. א, אין תּפֿיסה.

אויסשמאָכטען — טרוו. ־טע אויף, ~
געשמאָכטעט. אויספֿאַרטיקן אַ שמאָכטע, אַן
אומוויכטיקע זאַך; אויפֿטאָן עפּעס ווי ניט איז.
אויפֿשמאַלצן — טרוו. שמאַלץ אויף, ~
געשמאַלצט. אַרויפֿגעבן שמאַלץ (פֿעטס),
באַשמאַלצן פֿון אויבן. א אַ פּאַטעלניע.

אויפֿשמאַרצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשמאַרצן.
אויפֿשמאַרצן — אוטוו, דריטפּערזאַניק.
שמאַרצט אויף, ~געשמאַרצט. מיטאַמאָל (
ווידער פֿונדאָסניַי) אָנהייבן שמאַרצן. עס שמאַרצט
ווידער אויף די אַלטע וואונד.
אויפֿשמוגלען — טרוו. ־גל אויף, ~
געשמוגלט. צונויפֿשמוגלען, צונויפֿנעמען דורך

שמוגל. א, בערג קאָנטראַבאַנד. א, פֿאַר זיך אַ פֿײַנע מטבע.

500

-

אויסשמועסן — טרוו. שמועס אויף, ~ געשמועסט. פּר [אין אײנטראַפֿיקן שטאָם לאַנגע י]. אויסרימען; דערהײבן עמעצן דורו רייד, מעשׂיות וועגן אים. א, אַ בעל־שם, בעל.. מופֿת.

-

אויסשמועסער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. פּר (מלאַווע און אומג,). באַרימער, בעלמגזם.

-

אויסשמוצערן — ־ער אויף, ~געשמוצערט.
אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן שמוצערן (←
אויסשמוצערן). טרוו — אויפֿזינגען (ווי פֿייגל,
אינזעקטן).

אויסשמוקן — טרוו. שמוק אויף, ~געשמוקט.
אויך מיט ז י ך. אויפּפּוצן, באַהענגען מיט
שמוק (בּיליקער צירונג). א, זיך ווי צו אַ
חתונה. א, דעם אַרײַנגאַנג מיט עלעקטרישע
לעמפּעלעך.

אויסשמידן — טרוו. שמיד אויף, ~געשמידט.
1. (אויס)שמידן וויפֿל מע דאַרף, בּיז דער
נייטיקער מאָס. א, קאָסעס און סערפּן. 2.
פֿיגוראַטיוו: אויפֿשטעלן, אויפֿבויען, דערציִען
אאַ. א, אַ נײַע שיטה, אַ נײַעם דור.

-

אויסשמידער — דער, ־ס. ווער עס שמידט
אויף. דער א, פֿון אַ נײַעם פֿרײַען דור.
אויפֿשמייכלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשמייכלען. אַ ליכטיקע א'.
אויפֿשמייכלען — אוטוו. ־כל אויף, ~
געשמייכלט. אַרויפֿברענגען אַ שמייכל אויפֿן
פּנים. א, און דערנאָך זיך צעלאַכן. א, און
אויפֿשײַנען. ס'מזל שמייכלט אויף = שײַנט
אויף.

-

אויסשמײַסן — טרוו. שמײַס אויף, ~
געשמיסן. 1. דזוו אָפּשמײַסן. „די הײַזלעך
אויפֿגעריסן, דעם תּחת — אויפֿגעשמיסן, דעם
פּיטום אָפּגעביסן און מיט בלוט געשיסן“,קל
(צו רייצן זיך מיט אַ באַשטראָפֿט קינד).

􏰀

אויסשמײַען — שמײַע אויף, ~געשמײַעט.
אוטוו — מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ)
אָנהייבן שמײַען, זיך אײַלן. א, ווי עמעצער וואָלט
אים צוגעזאָגט אַ פֿאַרדינסטל. טרוו — עפּעס
􏰀 􏰀 ויפֿטאָן דורך שמײַען, אַרומלויפֿן פֿאַרשוויצ..
טערהייט. א, אַ פּרוטה מעקלערײַ.

אויסשמינקען — טרון. ־ק(ע) אויף, ~
געשמינק(ע)ט. אויך מיט ז י ך. 1.
אויפֿפֿאַרבן מיט שמינקע. א, די ליפּן, די באַקן.
2. באַפּוצן, צופּוצן אויבנאויפֿיק, טאַנדעט. א,
די העלדן פֿון דער דערציילונג, זיי זאָלן
אויסזען כּלומרשט עכט. ־קעכ ן = שמינקע.
אויפֿשמיצן — טרוו. שמיץ אויף, ~געשמיצט.
אונטעריאָגן מיט שמיץ. אויפֿגעשמיצט דאָס
פֿערדל און הײַדאַ.

אויסשמיצן זיך — ← דפּוו. אויפֿכּעסן זיך.
א, זיך און זיך וואַרפֿן ווי מע וואָלט אים
געקוילעט די קאַפּאָטע.
אויפֿשמירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
מיטל פֿון אויפֿשמירן. זאַלב.

אויסשמירן — טרוו. שמיר אויף, ~געשמירט.
1. אַרויפֿשמירן, שמירן אויף עפּעס; בּאַלייגן,
בּאַדעקן מיט אַ שמירעכץ. א, בּרויט מיט
פּוטער. א, סמאָלע אויף אַ שיפֿל. 2. גיך

אויפֿשמעקן זיך

אויפֿקאַלכן, אויפֿווײַסן. א, די שטובֿ אויף
יומטובֿ. 3. שלעכט אויפֿמאָלן, אויפֿשרײַבן.
4. אונטערקויפֿן (מיט כאַבּאַר).

-

אויסשמירן זיך — ← דפֿוו. זיך אַליין
בּאַרעדן. דערציילן 'שיינע, מעשׂיות וועגן פֿרײַנד
און דערבײַ זיך אַליין א'.

-

אויסשמירעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
אויפֿשמירונג, אויך איר, פּעיאָ.

אויסשמירעניש — דאָס (די), ־ן.)
געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון

אויפֿשמירן.

-

אויסשמירער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. ווער עס שמירט אויף. ניט קיין מאָלער, נאָר אַן א'.

אויסשמעטערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿשמעטערן.

אויסשמעטערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשמעטערט. אויפֿבּרעכן מיט כּוח, אימפּעט און מיט אַ קלאַפּערײַ; דעטאָנירן; צעשמעטערן. א, אַ תּפֿיסה, אַ פֿעסטונג. א אַ הידראָגען־בּאָמבּע.

,

אויפֿשמעל(ער)ן — טרוו. שמעל(ער) אויף, ~געשמעל(ער)ט. מאַכן שמעלער און מיט דעם פֿאַרריכטן (פֿרגל: אויסשמעלן). א, די טאַליע, ווײַל זי איז צו בּרייט.

אויפֿשמע'לץ — דער. מצ נבֿ (סובֿ פֿון אַדוו פֿראַזע: אויף שמעלץ). אַלטוואַרג; גרופּע קראַנקע, ניט פֿעאיקע צו קיין שום

ניצלעכער אַרבעט [ווי בראָכוואַר]. „איר זעט דאָ
דעם גאַנצן א',„ רייד (מושבֿ זקנים, א״י).
אויפֿשמעלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשמעלצן.
אויפֿשמעלצן — טרוו. שמעלץ אויף, ~
געשמאָלצן, ~געשמעלצט. 1. צונויפֿשמעלצן.
א, צוויי שטיקער אײַזן. 2. אַרויפֿשמעלצן.
א אַ פּאָר טראָפּנס לבֿ צוצוקלעפּן דאָס ליכט
,
צום שטענדער. 3 אָנשמעלצן, אויסשמעלצן
וויפֿל מע דאַרף, ביז דער נייטיקער מאָס. א,
חלבֿ; א, אַ מעטאַל. 4. מעטאָנימיש. א, זיך
פֿון פֿרייד פֿון נחת.
,
אויפֿשמעלצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
צונויפֿשמעלצן זיך. „ניט אַלע מעטאַלן שמעלצן
זיך אויף“. 2. אויפֿעפֿענען זיך דורך
שמעלצן. „ס'איז באַלד פּסח און דער טײַך האָט זיך
נאָך ניט אויפֿגעשמעלצט“.
אויפֿשמעלקען זיך — [ל קען זײַן אי ווייך
אי האַרט] אוטוו, קזוו. ווערן אַ שמעלקע
מיט עמעצן, זיך אויפֿפּאָרן, זיך צונויפֿחבֿרן
(געניצט איר, פּעיאָ). א, זיך מיט אַ ווילדן

יונג, ווערן מיט אים פֿאַני־בראַט.

אויפֿשמען — [...שעמען] אוטוו. שם או▯ף, ~געשמט. מיטאַמאָל, פּלוצלינג באַקומען אַ שם, באַוואוסט ווערן צווישן מענטשן. א, מיט איין גרויסן אויפֿטו.

אויפֿשמעקן — טרוו. שמעק אויף, ~געשמעקט. דזוו אויסשמעקן ←. (בײַבאַטײַט: וויפֿל מע וויל, מע דאַרף, ביז דער נייטיקער מאָס).

אויפֿשמעקן זיך — אוטו▯, קזוו. ← דפֿוו. 1. זיך באַקענען (וועגן הינט). 2. (גראַב) צונויפֿחבֿרן זיך, צונויפֿפּלאָנטערן זיך; קומען אין ניט־ערלעכער אָדער ניט־אָנשטענדיקער פֿאַרבינדונג. א, זיך מיט בלאַטניאַקעס, מיט גאַסנמוידן.

▯אויפֿשנאַטערן

אויסשנאַטערן — פֿאָרמען און בּ ←
אויסשנאַטערן.
אויפֿשנאָלן ף, ~געשנאַלט.
לן. 1 פֿאַרשנאָל
ז, .
צונויפֿקלאַ— טרוו. שנאָל אוי
פּפֿ: ~שנאַ
מערן, צונויפֿשפּיליען. א, דעם פּאַס, דער
ווינט זאָל ניט דורכנעמען. 2.
פֿונאַנדערשנאָלן, אָפּשנאָלן, אָפּשפּיליען. „ער האָט
אויפֿגעשנאָלט דעם פּאַס און געלאָזט די שווערד
פֿאַלן...“, בּ. טייטלבּוים, אויפֿן שוועל, וואַרשע
*1933

-

אויסשנאַפּן — שנאַפּ אויף, ~געשנאַפּט. אוטוו
— אויפֿשפּרינגען (וועגן עפּעס וואָס איז
אָנגעצויגן, איינגעבּויגן). „איך וויל אין בּיגן
[= איינבּייגן] צו דר ערדין [אַ בּוים], אונ,
האַלט דו מין נידר...דז ער ניט ווידר אויף
שנאַפּט“, אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש“ץ, [פֿש
,

I]. טרוו — אויפֿשפּירן, אויפֿשמעקן, אויפֿניוכען. א, אַ ריח, אַ סליאַד, אַ סוד.
אויפֿשנאָרכ(ע)ן — פֿאָרמען און בּ ← אויסשנאָרכ(ע)ן. (בּײַבאַטײַט: הויך, פּלוצלינג).
אויפֿשנאָר(ע)ן — טרוו. שנאָר(ע) אויף, ~געשנאָר(ע)ט. אויפֿבעטלען, אויפֿזשעבּרען; צונויפֿקריגן דורך בּעטלען. א, דעם טאָג חיונה מיט בּזי־בּזיונות.

𝄞

אויסשנאָרעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשנאָר(ע)ן.

𝄞

אויסשנדרן — [...ש(ע)נאָדערן] טרוו. שנדר אויף, ~געשנדרט. אויסשטײַגן מיט אַ העכערן צוזאָג פֿאַר אַן עליה אָדער פּתיחתהאָרון. א, ווי דער גבֿיר (זאַמעט, מעמל).
אויפֿשנורעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געשנורעוועט. 1. פֿאַרשנורעווען, פֿאַרבּינדן מיט אַ שנור. א, פּאַפּירן, זיי זאָלן זיך ניט צעפֿאַלן.
2. פֿונאַנדערשנורעווען, צעבּינדן דעם שנור,

לויז(ער) מאַכן. א, דעם קאָרסעט, ס'זאָל אַזוי
ניט דריקן.

אויסשנורעווען זיך — ← דפּוו. 1. ווערן
בּרייטהאַרציק. 2. זיך פֿונאַנדערלאָזן בּײַ אַ
שׂמחה. א, זיך און אַוועק אין אַ האָפּקע.

אויפֿשניאָשקען — טרוו. ־קע אויף, ~
געשניאָשקעט. אויך מיט ז י ו. אָנשיכּורן
(גוטמוטיק, גראָבּלעך). א, עמעצן אַז ער זאָל
פֿאַלן פֿון די פֿיס. א, זיך און טאַנצן אין
רינשטאָק.

אויפֿשניט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשנײַדן. „די
כאַראַקטעריזירונגען מאַכן ניט קיין אויפֿלײַכטנדיקע א'ן
אין מענטש־כאַראַקטער“, בּ. ריווקין, אונדזערע
פּראָזאַאיקער. 2. אָרט אָדער צייכן פֿון
אויפֿשנײַדן. וואו איז דער א'? „די האַלבּע
קאַרטאָפֿל־קנוילן צעליגט...מיט די א'ן אַראָפּצו“,
יאַכ. 3. אַרײַנשניט אין אַ בּגד. „אַ געווײנלעך
לויז קלייד מיט גאָר הויכע א'ן בּײַ בּיידע
זײַטן פֿיס“, פֿאָר, 4 .31 1961 I. אָנגעשניטן
געדרויכערט פֿלייש פֿון פֿאַרשיידענע מינים. „אָ,
א, איז גאַנץ פּשוט. פֿאַרשיידענע געדרויכערטע
—
.
פֿליישן אויף איין טעלער. ס'וועט דאָ זײַן

אָנגעשניטענע וואורשט, צונג, בּרוסטפֿלייש און וואָס ניט", ר. פֿענסטעך, טמז, 20 II 1959.

אויפֿשנייד — דער, ־ן. נעאָל. אַקט פֿון אויפֿשניידן [אויפֿשניט האָט עטלעכע בּבּ,

און א, נאָר איינעם]. אַן אַכזריותדיקער א'. א'־מכשירים.

אויסשניידונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשניידן (זיך).

אויסשניידן — טרוו. שנייד אויף, ~ געשניטן. 1. אויפֿעפֿענען מיט אַ שניט פֿון אַ מעסער (שאַרפֿן אינסטרומענט). א, מיט אַ לאַנצעט בײַ אַן אָפּעראַציע. א, דעם בּויך =

אויך: שטעכן מיט אַ מעסער אין בױך; געבן זייער אַ שטאַרקן קלאַפּ אין בױך. „כמה פּעמים עם־הארצים עבֿירות טונין אם שבּת, זאגין מן מאג אם שבּת איין גרוג [= קרו] אויף שניידין, ווען בּרויכט די משקה דרונן צו טרינקין“, ה II. „ווי גוט ר, יוספֿן האָט געמוזט זײַן אויפֿן האַרצן, אַז בײַם א, פֿרײַטיק דעם פֿיש, געפֿינט ער, קבצן, אין בױך אַ טײַערן דימענט„„ ממוס, ווינטשפֿ. „שנײַדט אויף דעם שטיל אָדער בּלאַט פֿון אַ וואַסער־ליליע, ווען איר זען אַז זיי זײַנען אויסגעבּלעזלט„„ א. גאָלאָמבּ, איבּז, ג. בּאָטש, געוויקסן. „ער שנײַדט ניט אויף די פֿולע אָדערן פֿון ווענוס“, אצג, מעפֿיסטאָ. 2. אָנהייבּן שנײַדן; מאַכן דעם ערשטן שניט. „ווען זיא איין קעז אויף שנײַדן, אָדור איין טאָפּ שמלץ אַן היבּט, אָדור וואז עז איז — דא געבן זיא צום אירשטן דען עניים דר פֿון“, מנקת רבֿקה, שער שבֿיעי, ט/ב. „און זאָל ער דען אונטערשטן קוכן נעמן און זאָל אינ אויפֿשניידן„„ לט1, 2/58. 3. מעטאָנימיש. פֿאַרשאַפֿן ווייטיקן. א, דאָס האַרץ, אַן אַלטע וואונד. אויך אומפּ: עס שנײַדט מיר אויף דאָס האַרץ. *א, דאָס האַרץ = אויך: אַרויסקריגן דאָס סאַמע פֿאַרבּאָרגענע.

זיך אַליין א, דאָס האַרץ און אַלץ
אויסדערציילן, דעם גאַנצן אמת. 4. פֿאָדערן אַ צו
הויכן פּרײַז, בּאַרײַסן. א, אַ מקח. א, אַזעל..
כע בּאַדינגונגען, עס זאָל פֿינצטער ווערן אין .
אויגן. 5. לאָקל (גאַליציע, בּוקאָווינע) זיך
בּאַרימען; מגזם זײַן. 6 פֿיג. אַנאַליזירן און
.
אויפֿדעקן. ,,קיינער האָט דעם פֿולן אמת וועגן
דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע נישט מער גלענצנד
אויפֿגעשניטן ווי דר, חיים זשיטלאָווסקי
בּשעתו,,, לע, טמז, 5 1961 III.
אויפֿשנײַדן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
ווערן אָפּגעשניטן. ,,עס שנײַדן זיך אויף אַלע
קניפּן וואָס פֿאַרבּינדן דעם נײַעם דור מיטן
אַלטן,,, רייד.

אויסשנײַדעכץ — דאָס (ד), ־ן (־ער).
אויפֿשניט, אויפֿשנײַדונג (קען אויך זײַן פּעיאָ).

-

אויסשנײַדעניש — דאָס (די), ־ן. (געדוי..
ערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿשנײַדן (זיך).

אויפֿשנײַדער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס שנײַדט אויף. 2. (אונגערן, גאַליציע, בּוקאָווינע) בּאַרימער. אַן א, דערציילט אַלץ מיט הרים וגבֿעות. ,,איז אַן א,, אַ בּאַרימער, אַ מוילמאַכער, אַ מאָכלאַר, ער בּאַזיצט אין זײַן צונג אַ מאָטאָר‘‘, נחמיה לאָטרינגער, דעך יודישער דלות, לעמבּערג.

אויפֿשניידעריי — דאָס & די, ־ען. 1.
טו־־ ־־

אונג פֿון אויפֿשנײַדן 2. בּאַרימערײַ, גרויסהאַלטערײַ. דער איד, נ,,י. 16 1960 XII. ,,נידער

אויפֿשעלמעווען

מיט דער א‘‘, נחמיה לאָטרינגער, דער יודישער דלות, לעמבּערג.

אויסשנייען — אַקוזוו. שניי אויף, ~געשנייט.
אויפֿשיטן מיט שניי. א, אַ גאַנצן בּאַרג.

אויסשנײַצן — טרוו. שנײַץ אויף, ~
געשנײַצט. אַרומשנײַדן, אָפּשנײַדן (װעגן
קנויטן פֿון ליכט). א, אַ קנויט, דאָס ליכט זאָל
ניט טריפֿן.

אויסשניפּסן זיך —. אוטוו. שניפּס זיך אויף,
זיך ~געשניפּסט. (שפּאַסיק) אָנטאָן אויף זיו אַ
שניפּס. א, זיך אין אַ מיטן אינדערוואָכן.
אויפֿשניפּ(ע)ן — טרוו. שניפּ(ע) אויף, ~
געשניפּ(ע)ט. פּר. 1. אויפֿשמעקן (װעגן
בעליחיים). „אויפֿגעשניפּעט מיט די נעזער און
מײַלער יעדעס קרישל ברויט“, אַש. 2.
אויפֿגנבֿענען —לעז
— טרוו. ־פֿל אויף, ~
געשני. נעמען אויף אַן אומאָנשטענדיקן אופֿן.
אָני שניס
פֿלט. דזוו אויפֿשניפּ(ע)ן ←.
אויפֿשניצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשניצן.

אויסשניצן — טרוו. שניץ אויף, ~געשניצט.
1. (אויס)שניצו וויפֿל מע דאַרף, מע וויל,
ביז דער נייטיקער מאָס. א, שטעקעלעך. א, אַ
פֿײַפֿל. 2. אַרויפֿשניצן. שניצן פֿון אויבן.
3. אויפֿקריצן, א, אויף אַ שטיין, אויף האָלץ.
א אַ נאָמען אויף אַ מצבֿה.

אויפֿשנירלען — טרוו. ־רל אויף, ~
געשנירלט. 1. אַרויפֿטאָן אויף אַ שנירל. א,
פּערל. 2. צונויפֿנעמען אין פֿאַלדן,
צונויפֿקנייטשן. „דעמאָלט האָט זי אויפֿגעשנירלט
איר ווײַסן שטערן, אַראָפּגעלאָזט אירע
אויגנלעפּלעך„, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.
3 פֿונאַנדערנעמען פֿאַלדן; באַפֿרײַען פֿון
.
קנייטשן. „[ער] האָט מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט
זײַנע פֿאַרקוועטשטע אויגן, אויפֿגעשנירלט דע I
פֿאַרקנייטשטן שטערן“, אָפּאַ, דאָרטן.
אויפֿשניר(עווע)ן — טרוו. שניר(עווע) אויף,
~געשניר(עווע)ט. 1. אַרויפֿציִען אויף אַ
שנור. א, פּערל. 2. דזוו אויפֿשנורעווען ←.
‘‘שנירט מען אויף דאָס בײַטעלע און מע גיט,
און מע גיט“, מ. י. בערדיטשעווסקי, ייִדישע
כתבֿים. „צוויי רעקלכר אַן אננדר ווערין אויף

גשנירט גיוועזין,,, 'כ"י וועגן מעצער עלילתדם,, 1669 [פֿש III].

אויפֿשנעלן — טרוו. שנעל אויף, ~געשנעלט. מיט פֿינגער געבן אַ קלאַפּ אַרויף, אַ שיס אַרויף. א, קערעלעך פֿון באָקסער אויפֿן (איבערן) אַלמער.

אויפֿשעטקעווען — פֿאָרמען און בּ ← אויסשעטקעווען.

אויפֿשעכטן — טרוו. שעכט אויף, ~ געשאָכטן. שעכטן די נייטיקע צאָל. א, דקות און גטות.

אויפֿשעלטן — טרוו. שעלט אויף, ~ געשאַלטן. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנ) שעלטן. אין כעס ווערן און א, עמעצן מיט טויטע קללות.

אויפֿשעלמעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געשעלמעוועט. סל. אויפֿטאָן אויף אַ זשוליקשן אופֿן; אויפֿשוו נדלען. א, געלט בּגראַנדע.

אויפֿשעמען (זיך)

אויפֿשעמען (זיך) — ← אויסשעמען (זיך).

אויסשעמערירונג — די, ־ען. אַקט פֿון אויפֿשעמערירן.

אויפֿשעמערירן — אוטוו. ־יר אויף, ~
געשעמערירט. דזוו אויפֿשימערן ←.
אדיסשענערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשענערן (זיך).
אויסשענערן — אוטוו. ־ער אויף, ~
געשענערט. מאַכן שענער (אַ ביסל, אויבנאויף). א,
דעם זאַל.

□

אויסשענערן זיך — ← דפֿוו. זיך
אַרויסשטעלן שענער; מאַכן □ן □נשטעל אַז מען איז
שענער (בעסער). א, זיך מיט אַ גרויסער
נדבֿה.

□

אויסשענקען — טרוו. שענק אויף, ~
געשאָנקען. (אויך: ~געשענקט). געבן די ערשטע
מתּנה, נדבֿה. „ווער ועט א, דרשה־געשאַנק
אונדזער פֿאַראײן?“, רייד.

אויסשעפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשעפּן.

אויסשעפּטשען — טרוו. ־טשע אויף, ~
געשעפּטשעט. אויפֿזאָגן מיט שטילע קלאַנגען
אָדער ריידן ווי בסוד. א, עפּעס עמעצן אויפֿן
אויער. א, אַ תּפֿילה.

אויסשעפּטשען זיך — אוטוו, קזוו ← דפֿוו.
זיך דורכריידן, זיך צונויפֿריידן שעפּטשענדיק.

אויסשעפּן —טרוו. שעפּ אויף, ~געשעפּט.
1. (אָנ)שעפּן און אַרויפֿבּרענגען; אַרויפֿציִען
אַ פֿליסיקייט. א אַן עמער (קענדל) וואַסער.
,
א, מים חיים, פֿריש וואַסער פֿונעם בּרונעם.

2. (מעטאַפֿאָריש) אַרויסקריגן און אײַנזאַפּן אין זיך. א, וויסן, א, פֿאָלקס־חכמה אאַ.

□

אויסשעפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אָן באַמיאונג ווערן אויפֿגעשעפּט. עס שעפּט זיך אויף אַ קוואָרט וואַסער. „האַלט די אויערן אָפֿן, און ידיעות שעפּן זיך אויף“.

-

אויסשערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשערן. פֿאַרקויפֿט מיט איין מאָל די גאַנצע א, וואָל.

□

אויסשערכען — ← אויפֿשאָרכען.

□

אויסשערן — טרוו. שער אויף, ~געשאָרן, ~געשוירן. 1. אויפֿעפֿענען מיט אַ שער(ל). א, דעם קאָנווערט. א, דעם פּאַק, דאָס שנירל. 2. צונויפֿנעמען דורך שערן. א, וואָל פֿון שעפּסן. 3. מאַכן, צוגרייטן מיט שערן. א, פּאַפּירלעך; א, קאָנפֿעטי.

אויסשערצן — ← אויפֿשאַרצן. „אבֿער ווען איין נאָדל ווער דז אים זייני קליידר האַלט, דאז ער זיך דר מיט אויף שערצט...“, לט1, 2/66.

אויסשפּאַגאַטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~געשפּאַגאַטעוועט. צונויפֿבינדן, צונויפֿפֿעסטיקן מיט שפּאַגאַט. א, אַ פּעקל אַוועקצושיקן דורך פּאָסט.

אויפֿשפּאַדלען — טרוו. ־דל אויף, ~ געשפּאַדלט. אויפֿגראָבן אָדער אויפֿשאַרן מיט אַ שפּאַדל(ע). א, תּבֿואה אין שײַער אַרײַן. א אַ

קאַנאַווקע, דאָס רעגנוואַסער זאָל אָפּלויפֿן.
אויפֿשפּאָטן — אוטוו. שפּאָט אויף, ~

געשפּאָט. מיטאַמאָל (ווידער, פֿונדאָסנײַ) שפּאָטן, חוזקן. א, פֿון עמעצן.
אויפֿשפּאַכ(ט)לע(ווע)ן — טרוו. שפּאַכ(ט)־ל(עווע) אויף, ~געשפּאַכ(ט)ל(עווע)ט. אויך: ~שפּאַקלעווען. פֿאַרשמירן, פֿאַרקלעפּן שפּאַלטן (וויפֿל עס איז נייטיק). א, די ווענט, דעם סופֿיט פֿאַרן פֿאַרבן.
אויפֿשפּאַלטונג — די, ־ען. אַקט, פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּאַלטן.
אויפֿשפּאַלטן — טרוו. שפּאַלט אויף, ~ געשפּאָלטן. מאַכן אַ טיפֿע שפּאַלט; אויפֿשנײַדן, אויפֿהאַקן אַ שפּאַלט, אַן עפֿענונג. „די טראָגעדיקע ווײַבער האָבן זיי די בײַכער אויפֿגעשפּאָלטן, קעץ און מײַז האָבן אין די בײַכער אַרײַנגעטאָן“, מעע)ה אומן. „מיט אונדזער געווער וועט מען א, די מויערן פֿון אונדזער גײַסטיקן געטאָ“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „מע זאָל די עופֿות א, און אַרויסנעמען די בני־מעיים“, ספֿר מקור הברכה, מונקאַטש תּרנ״ה.

אויפֿשפּאַלטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון
זיך אַליין ווערן אויפֿגעשפּאָלטן. א, זיך און
צעפֿאַלן זיך ווי אַ צײַטיקע(ר) נוס.
אויפֿשפּאַלטער — דער, ־ס. ווער עס שפּאַלט
אויף. א, פֿון דער באַוועגונג.
אויפֿשפּאַלירונג — די, ־ען. פּראַצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּאַלירן.
אויפֿשפּאַלירן ← פֿאָרמען און ב
אויס־־־
שפּאַלירן.

אויסשפּאַנונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּאַנען.

אויסשסאַנען — טרוו. שפּאַן אויף, ~
געשפּאַנט. 1. צונויפֿשפּאַנען, אײַנשפּאַנען מער
ווי איין פֿערד, אייזל אאַ צוזאַמען. „זאָלסט ניט
א אַ פֿערד מיט אַן אייזל“. 2. אויפֿציִען,
אַרויפֿ,
ציִען, אָנציִען. ‘‘מײַן בלינדער שכן האָט אַ
האַלבע סטרונע פֿון אַ פֿידל אויף אַ קינדער־פֿידל

אויפֿגעשפּאַנט“, מלה, 'מײַן בלינדער שכן'.
3. שאַפֿן אַ שפּאַנונג. א, באַציאונגען. א, די נערוון. 4. ברייט אויפֿעפֿענען. „...און, ווען מאַן גינעצט, דא זול מן דיא הנט פֿיר זיין מויל טון. און, זול דש מויל ניט אויף שפּאַנין פֿיר לייטן...“, ר, משה העגוכש, ספֿר ברנט שפּיגל, 1626, קמח/א. „און, ווען זי דוכט דש בבא דאַר קומן ווער, דא זולטין זי די טור אויף שפּאַנן“, בבא־בוך, 595. 5. (
פּאַרמעטמאַכערײַ) אַרײַנשטעלן פֿעל אין אַ ראַם כּדי צו צעציִען.
אויפֿשפּאַנען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. ווערן אָנגעצויגן, נערוועז. 2. ווערן אַ שותּף מיט עמעצן. א, זיך מיט אַ גוטן חבֿר בײַ אַ קאָלעקטיווער אַרבעט.

-

אויסשפּאַסן — אוטוו. שפּאַס אויף, ~ געשפּאַסט. ◻ „טאַמאָל אָנהייבן שפּאַסן, מאַכן אַ וויץ, זאָגן אַ חכמהלע. א, אויף עמעצנס חשבון.
אויפֿשפּאַרונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּאַרן.

אויפֿשפּאָרונג — די, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּאָרן.

אוי שפּילונג

אויסשפּאַרן —. טרוו. שפּאַר אויף, ~
געשפּאַרט. אַ ביסל אויפֿעפֿענען; באַפֿרײַען פֿון
פֿאַררוקער, שלאָס און צעעפֿענען. „די מאַמע
האָט יעדעס מאָל אויפֿגעשפּאַרט די טיר„, באַש,
טאַטנס בית־דין־שטוב. „זי שפּערט אויף וי
קאַמר אונ, ואנד אין [= געפֿונען אים] זיצן„,
בבא־בוך, 67. „איך האָב אויפֿגעשפּאַרט מײַן
מויל“, תּי, תּהלים, קיט, 131 ['פּי פּערתּי...'.
און אַזוי אויך מלל אאַ].

אויסשפּאָרן — טרוו. שפּאָר אויף, ~ געשפּאָרט. אויפֿקלײַבן, צונויפֿנעמען דורך שפּאָרן; אָפּשפּאָרן. א אַ שיינע סומע געלט ,

צו מאַכן אַ ווײַטע נסיעה.

-

אויסשפּאָרעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אויפֿשפּאָרונג. אויך איר, מיט ביטול. זיך קאַרגן דעם ביסן און קראַנק ווערן — אַ שיין א'!

אויפֿשפּול(יע)ן

— טרוו. שפּול(יע) אויף, ~געשפּול(יע)ט. אויפֿוויקלען דעם גאַרן אויף אַ שפּול (וועבערײַ, ביאַליסטאָק).

-

אויסשפּונטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געשפּונטעוועט. אַרויסציִען דעם שפּונט. א, אַ פֿאַס ביר.

אויפֿשפּיגלען

— ־גל אויף, ~געשפּיגלט.

אוטוו — אויפֿפֿינקלען, אויפֿבל אַסקען,
אויפֿי
גלאַנצן. ,,מע האָט אויסגעשײַערט די לײַכטערס
און זיי האָבן אויפֿגעשפּיגלט ווי גאָלדענע‘‘.
‘‘אויסגעפּוצט אין זײַדנס, האָט זי
אויפֿגעשפּיגלט אויפֿן באַל‘‘, רייד. טרוו — מאַכן
עס זאָל שײַנען, גלאַנצן (ווי שפּיגלען). א, דעם
פּאַרקעט.

▯

אויסשפּיזן — טרוו. שפּיז אויף, ~געשפּיזט.
אַרויפֿנעמען אויף אַ שפּיז; אויפֿשטעכן. זיך
לערנען א, פֿיש. אַ קוק טאָן אויף עמעצן, ווי
מע וואָלט גרייט געווען אים אויפֿצושפּיזן.

▯

אויסשפּײַזונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּײַזן.
אויפֿשפּייזן (זיך) — ← אויסשפּײַזן (זיך).
-
אויפֿשפּײַכלערונג — די, ־ען. פּראָצעס
ʼ
אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּײַכלערן.
אויפֿשפּייכלערן

~ ,טרוו. ־ער אויף —

גועשפּײַכלערט. 1. צונויפֿברענגען אין
שפּײַכלער. א, תּבֿואה. 2. צונויפֿקלײַבן,
צונויפֿנעמען. א, די ייִדישע ווערטער אין גרויסן ווב.

אויסשפּײַען — אַקזוו. שפּײַ אויף, ~

גועשפּײַט, ~געשפּיגן. אַרויפֿשפּײַען, שפּײַען
אויף וואָס עס איז. א, שפּײַעכץ. א, אויף די
הענט און זיך נעמען צו דער אַרבעט.
אויפֿשפּיל — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּילן. 2. קבלת־פּנים־
שפּילן אויף שׂמחות, באַזונדער אויף חתונות
פֿאַר חתן־כּלה, מחותּנים, חשובֿע געסט. אַן
א, פֿאַר דעם חתנס פֿעטער. 3. בלשון
סגינהור, דאָס פֿאַרקערטע פֿון ב2: סקאַנדאַל,
רײַסערײַ, געשרייען, זידלערײַ. „דעם שיינעם א,
וואָס מע האָט מיר געמאַכט!“. 4.
צונויפֿשפּיל, צונויפֿפּאָרונג; האַרמאָניע. „[נאַדיר] האָט
אַנשטאָט צו טראַכטן מיט געדאַנקען, געטראַכט
מיט וואונדער־שיינעם א, פֿון ווערטער“, יג,

טמז, 7 □ 1953 I.

אויפֿשפּילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אַדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּילן. 2. יד־אַחת,

שותאויפֿשפּיליען

פֿות, געוויינטלעך פּעיאָ. אַן א, פֿון די שוואַרצע כּוחות.

אויפֿשפּיליעז □ □ו ־ליע אויף, ~

געשפּי.

ענען. אויפֿעפֿענען

פֿו,

— ט

ליעט. לר: ~שפּי

נאַנדערעפֿענען דורך אַראָפּנעמען פֿון די קנעפּ, העקלעך. „הערשעלע שפּיליעט אויף גייענדיק דאָס קאַפּאָטקעלע“, ממוס, ווינטש□פֿ. □.־□נורעט אַרײַן זײַן קאָפּ אין איר האַלדז, שפּילעט בשעת מעשׂה אויף איר בלוזקע“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

אויפֿשפּיליען זיך — ← דפֿוו. אויך: ווערן ברייטהאַרציק אָדער אָפֿנהאַרציק. א, זיך און אויסדערציילן וואָס עס קוועטשט. א, זיך און

זיך לאָזן קאָסטן.
אויפֿשפּילן — טרוו. שפּיל אויף, ~געשפּילס.
1. אָגהייבן שפּילן אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט (מוזיקאַלישע אינסטרומענטן). דער אָרקעסטער שפּילט אויף. די קלעזמאָר ם שפּילן אויף. אַלע כּלים שווײַגן, און דאָס פֿידעלע שפּילט אויף. „שאַט, רבותים! וועל איך אײַך זאָגן אַ בּיסעלע גראַם לכּבֿוד דעם חתן. אײַ, קלעזמער, אויפֿגעשפּילט!“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל, אַדעס 1895. 2. דורכשפּילן די גאַנצע מעלאָדיע (געווײנטלעך אַ קורצע זאַך). א, דעם חתן־מאַרש, דעם חופּה־מאַרש. א, אַ וויינענדיקס, אַ מאָראַלישן [= טרויעריקן] ניגון. „זיך לאָזן זינגן אונ, אויף שפּילן אונטר דיא פֿענשטר איז איין (איסור)“, קהלת שלמה, אַמשט 1744, עב/ב. „דער ווינט, מיט פֿינגער נעפּל־שווייסיקע, האָט אויף די שטריק און לייטערס...עפּעס שדימדיקס אויפֿגעשפּילט,,, הר, ליים. 3. ספּעצ. דורכשפּילן אַ קבלתפּנים־ניגון לכּבֿוד עמעצן (געוויינטלעך אויף אַ חתונה). א, פֿאַר חתן־כּלה, מחותּנים. „א אַ
,
וויוואַ'ט פֿאַר דעם חתנס צד,, פֿל. א, פֿאַרן
— —
,

בעל־היובֿל.
4. דורכפֿירן אַ פֿאָרשטעלונג (אָדער אַ טייל פֿון אַ פֿאָרשטעלונג) פֿאַר אַן עולם. *א אַ קאָ,
מעדיע = אויך: מאַכן אַן אָנשטעל, מאַכן עמעצן צום נאַר.
5. [ווי דער היפּוך צו בבֿ 2־3] אויפֿהייבן אַ סקאַנדאַל, אַ קריגערײַ, זידלערײַ. *א אַן ,

אמתע חתונה, אַ חתונ'קע. *א, אַ בייזן (וויסטן פֿינצטערן) פֿרימאָרגן, אַ 'דאָבראַנאָץ'. *א, ,
אַ באַגעגעניש = זיך אַרויפֿוואַרפֿן מיט זידלערײַען, קללות בײַם באַגעגענען. *א, אַ חתונה אָן קלעזמער. *א, אַ מי־שבּרך = זידלען מיט גראָבע ווערטער. 6. געבן (מכבד זײַן מיט) קלעפּ. א, עמעצן [דאַטיוו] מיט אַ פֿלאָקן. *א, אין אויער = געבן אַזאַ קלאַפּ, עס זאָל זשומען אין אויער. 7. אויפֿהעצן. א, איינעם קעגן אַן אַנדערן. 8. אַרויסשטעלן גוזמאדיקע פֿאָדערונגען, בעטן אַ טײַערן פּרײַז. "מיר געפֿעלט דאָס אַנטיקל, אָבער גיי ווייס וואָסער פּרײַז מע וועט א"", רייד. א, פֿאָדערונגען וואָס

מע קען ניט נאָכקומען. 9. דורכפֿירן אַן
אַרבעט זייער גוט, קינסטלעריש. „ער נייט
ניט אויף, ער שפּילט אויף אַ מאַרינאַרקע„
רייד. „דער מצבֿה־שלעגער האָט אויפֿגעשפּילט
די אותיות אויף די שטיינער“, בעריש
ווײַנשטיין, איק, ר„ה תּשכ“א.
אויטוו — 1. אויפֿיירן. „דער ווײַן האָט

געשפּילט: עס האָבן זיך שוין באַוויזן
בלעזלעך“. 2. פֿאַרזײַערט ווערן. „די וואַרעניע
האָט אויפֿגעשפּילט, ווײַל דער סלאָי איז געווען
ניט שטײַף פֿאַרבונדן“.
אויפֿשפּילן זיך — אויטוו, קזוו. ← דפֿוו.
1. צונויפֿשפּילן זיך אין קאָלעקטיוון שפּילן.
א, זיך אין אַן אָרקעסטער, טרופּע. 2.
צונויפֿריידן זיך, אָפּמאַכן צווישן זיך, פֿאַראייניקן
זיך. פּעיאָ. שקר מיט שלימזל האָבן זיך
אויפֿגעשפּילט.
אויפֿשפּילעכץ — דאָס (ד), ־ן (־ער).
אויפֿשפּיל, אויפֿשפּילעניש. ס'רובֿ מיט ביטול.
אויפֿשפּילעניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון אויפֿשפּילן (זיך).

אויפֿשפּילער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס שפּילט אויף (פֿאַרשיידענע בּבֿ).
2. פֿטמ. דיריגענט.

אויפֿשפּילקעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~ געשפּילקעוועט. 1. (שנײַדערײַ) צונויפֿשטעכן, צונויפֿציִען מיט שפּילקעס. א, די בּרוסט פֿאַרן פֿאַרסטריגעווען. 2. אויפֿרייצן מיט שטעכווערטלעך. „א, איז ערגער ווי דערלאַנגען אין דער זיבּעטער ריפּ“.

□

אויסשפּינונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּינען.

□

אויסשפּי□ען — טרוו. שפּין אויף, ~ געשפּונען, ~געשפּינט. 1. שפּינען וויפֿל ס'איז נייטיק. 2. ← אויסשפּינען. אויך מיט ז י ך = זיך שאַפֿן דורך שפּינען אָדער דורך אַן אופֿן וואָס דערמאָנט אין אויפֿשפּינען. אַזוי שפּינט זיך אויף אַ מעשׂהלע.

אויפֿשפּיצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּיצן (זיך).

אויסשפּיצן — טרוו. שפּיץ אויף, ~געשפּיצט.
1. מאַכן שפּיציק(ער). א אַ פֿלאָקן און
אַרײַנ,
קלאַפּן אין דער ערד. *א, די אויערן =
אָנשטעלן, אָנשפּיצן די אויערן בײַם וועלן
דערהערן. אויך: *א, מויל און אויערן; *א, נאָז
און אויערן (אַ ביסל שפּאַסיק, איר). „זי
שפּיצט אויף די אויערן און עפֿנט דאָס מויל
ווי צום אײַנשלינגען די מוטערס ווערטער„,
פּרץ. “ער האָט אויפֿגעשפּיצט די אויערן, און
אים האָט זיך געדאַכט אַז עמעצער וויינט“,
אַפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. 2.
אויפֿשאַרפֿן, דערפֿירן צו עקסטרעמקייט. א, די
באַציאונגען מיט אַן אומפֿרײַנד.
אויפֿשפּיצן זיך — ← דפֿוו. אָנשטרענגען
זיך אויפֿצונעמען (מיט אַ חוש). א, זיך צו
יעדער קלאַנג. א, זיך צו דערקענען די
מענטשן פֿון דער ווײַט.
אויפֿשפּירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּירן (זיך).
אויפֿשפּירן — טרוו. שפּיר אויף, ~געשפּירט.

1. אויפֿנעמען, אויפֿכאַפּן מיט אַ חוש. א, אַ טעם, אַ ריח. א, דעם חילוק אין טאָן. 2. נאָכשפּירן, אויסשפּירן. „די יעגער שפּירן עס אויף, שטעלן...פּאַסטקעס“, אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878.

אויפֿשפּליטערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּליטערן (זיך).

□וי□ שפּרונג

אויפֿשפּליטערן — טרוו. ־ער אויף, ~ געשפּליטערט. אויפֿעפֿענען, אויפֿשפּאַלטן דורכן אָפּברעכן שטיקלעכווײַז. א, אַ שטיין. א, אַ כּלי, מע זאָל זי ניט קענען ניצן. [א, איז מער ווי אויסשפּליטערן ← און ווייניקער ווי צעשפּליטערן].

אויפֿשפּליטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון זיך אַליין ווערן צעשפּליטערט. „בײַ כעמישע פּראָצעסן שפּליטערן זיך אויף די מאָלעקולן, אָבער ניט די אַטאָמען“.

אויפֿשפּעטיקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּעטיקן (זיך).

-

אויסשפּעטיקן — טרוו. ־יק אויף, ~ געשפּעטיקט. נעאָל. סאָוו. טאָן, מאַכן שפּעטער,

נאָך דער באַשטימטער צײַט. א, דעם פֿאַרזיי.
מיט ז י ך , אוטוו. א, זיך מיטן פֿאַרזיי.
-

אויפֿשפּעטן — ← אויפֿשפּאָטן.

אויסשפּראָץ — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּראָצן. 2. אויפֿבלי,
באַגין, התחלה. „פּײַן פֿון א', בליִעכץ און
באַבלעטער„, סוצ, וואַלדיקס.

אויסשפּראָצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּראָצן. אַרויסוואוקס.
„...וואו ס'האָבן זיך נאָר באַוויזן טעאַטראַלע
א'ען נאָך דעם גרויסן איבערגעלעבטן חורבן“,
יובֿל־זאַמלבוך לכּבֿוד דר, א. מוקדוני.

אויסשפּראָצן — שפּראָץ אויף, ~געשפּראָצט.
אוטוו — 1. אויפֿקומען, אַרויפֿקומען אויף
דער אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד אָדער פֿוו אַ
שטאַם אין פֿאָרעם פֿון אַ באַזונדערן געוויקס
אָדער אַ טייל פֿון אַ געוויקס. אַ גרעזעלע

שפּראָצט אויף. אַ נײַ צווײַגעלע שפּראָצט
אויף. קנאָספּן, בליטן שפּראָצן אויף. „
פֿאַרשיידענע מ□נים גרינסן האָבן אויפֿגעשפּראָצט
אין גאָרטן", רייד. 2. (מעטאַפֿאָריש)
אויפֿקומען, אַרויפֿקומען (הן וועגן קאָנקרעטע
זאַכן, הן וועגן אַבסטראַקציעס). אַ נײַ לעבן
(אַ נײַע באַוועגונג) שפּראָצט אויף. ס'האָט
אויפֿגעשפּראָצט אַ געדאַנק, אַ פֿונק
האָפֿענונג. "...און מע דאַרף [קריאת־שמע]
אויסלאָזן, ביז די זון שפּראָצט אויף", זרעים, 2/1.
טרוו — נעאָל. מאַכן עס זאָל אויפֿשפּראָצן.
"זאַפֿטן פֿון דער ערד ציִען זיך איצט אין די
אָדערן פֿון בוים און זיי שפּראָצן אויף די
פֿרישע בליטן אין די בלעטער".

אויפֿשפּרודלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּרודלען.

אויפֿשפּרודלען — ־דל אויף, ~געשפּרודלט.
אוטוו — 1. מיטאַמאָל (ווידער) שפּרודלען. א,
ווי אַ קוואַל. 2. מיט אימפּעט פֿליסן אויף
אַרויף. „דאָ שפּרודלען אויף די הייסע
פֿאָנטאַנען פֿון די טיפֿענישן פֿון דער ערד". טרוו
— מאַכן עס זאָל ווערן אימפּעטדיק, עס זאָל
שטראָמען, ברויזן. א, די באַוועגונג.

□

אויסשפּרונג — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿשפּרינגען. „מיט פֿרישן ציטער נעם איך אויף יעדן א, פֿון מײַן שאָטן אויפֿן וואַנטשטיין“, הל, לידער, 1932.

אוי□ שפּרונג — אַדוו פּראַזע. מיט איין שפּרונג (אַרויסכאַפּן), גנבֿענען פֿלינק (ווען דער אייגנטימער זעט). „א, ש, פֿלעג איך אויך

אויפֿשפּרײַזן

גיין אוו מיט בעלפֿערס בין איך בלאַט“, גנ□יס־ליד.

-

אויפֿשפּרײַזן — אוטוו. שפּרײַז אויף, ~ געשפּרײַזט. אַרויפֿשפּרײַזן, אַרויפֿגיין מיט גרויסע טריט. א, אויפֿן באַלעמער.

-

אויסשפּרייטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּרייטן (זיך).

אויסשפּרייטן — טרוו. שפּרייט אויף, ~
געשפּרייט 1. אַרויפֿשפּרייטן, אַרויפֿלייגן פֿון
אויבן אַ צעוויקלטע זאַך. א, אַן איבערדעק. א,
אַ קאָלדרע אויפֿן (איבערו) געלעגער. א אַ
,
טעפּעך אויפֿן דיל, אַ רעדנע אויף דער
פּאָדלאָגע. מלל פֿאַרטײַטשט ,רפדתּי יצועי, (איובֿ,
יז, 13). ,,אויף גשפרייט" [תּי: ,,בעט איך אויס
מײַן געלעגער,,]. ,,זיא האָט אויף גישפּרייט
איין ווײַס ליילך", נצ1, שמות, ט/ד. ,,...ער
זאָל אים אויף שפּרייטן איין צוועל, איין מפּה,
אונ, זאָל אים דרויף עשין געבין", דאָרטן,
דבֿרים, מה/ג. ,,די פּוחזים...האָבן די הייליקע
תּורה אויפֿגעשפּרייט אויף דער ערד און האָבן
אַלע דערויף געטרעטו,,, מעשׂה אומן. 2. או
סשפּרייטן, צעשפּרייטן, פֿונאַנדערשפּרייטן.
,,...זײַנע נעצן וואָס ער שפּרייט אויף פֿאַר דיר
דיך צו כאַפּן", חה, בֿ, 56. ,,אַ הויף וואָס איז
נאַס מעג מען א, שטרוי אום שבת צו גיין
דערויף", לט2, 2/65. 3. אויסציִען אויף

אַרויף. א, די הענט צום הימל. „דרום, הער
אַל דער וועלט, איך שפּרייט אויף מײַנע הענט
צו דיר, און בוק מיך...“, נחנות ובקשות,
ווילנע 1858 [איבערדרוק פֿון דירנפֿורט 1798].

-

אויסשפּרייטן זיך — אויטוו. ← דפֿוו.
אַרויפֿציִען זיך פֿאַרנעמען גרעסערן שטח אַרויפֿצו.

,

דער רויך שפּרייט זיך אויף ביז די
נידעריקע וואָלקנס.

אויסשפּרייען — ← אויסשפּרייען.

אויסשפּרינגונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿוו
אויפֿשפּרינגען ־גע ן ־געניש

, .

-

אויסשפּרינגען — אוטוו. פֿאָרמען ←
אויסשפּרינגען. 1. מיטאַמאָל אַ הייבּ טאָן זיך פֿון אָרט זייער האַסטיק. „ווי די שדים שפּרינגען אויף די קאָנדוקטאָרס און שרײַען אויס דעם נאָמען פֿון דער סטאַנציע„, שע, בלאָנדזענדע שטערן. „וויא זול דען איין מענש ניט אויף שפּרינגן פֿר דעם מלך מלכי המלכים“, לט1, 1/19. „...איז ר, ישׂראל אויפֿגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער און גענומען זיך קאָכן מיט אַ כּעס און אַ געפּילדער“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. 2. מיטאַמאָל אַ שפּרונג טאָן, נעמען שפּרינגען. א, ווי אַ שלאַנג וואָלט אַ בּיס געגעבּן. א, ווי אַ האַלבּ־געקוילעטער האָן. „איינר אילן הוך [= איין אייל הויך] מאַכט ער עש [דאָס פֿערד] אויף שפּרינגן בֿון דער ערד“, בּבֿא־בּוך, 100. „...שפּרינגט אויף אונ, זאָגט דרייא מאָל: כּשם שאני רוקד...“, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, יא/בּ. „אַ פֿראָש איז אויפֿגעשפּרונגען אונטער זײַנע פֿיס“, יהואָש, 'זומערנאַכט'. “אַלע ווײַלע איז דאָס פֿײַער אויפֿגעשפּרונגען„, נאַד. 3. אויפֿרעגן זיך,

אויפֿקאָכן זיך. ,,אַלע בייזע...דאַרפֿן מיטאַמאָל
א'“, יר, . 4. אַרכ. אויפֿפּלאַצן. “דר טאָג
דא ער ווערט גיווארפֿן אין דיא גרובּ אין דיא

5()4

פֿינשטרניש אונ, זיין בּויך שפּרינגט אים
אויף“, לט1, 2/88. 5. אויפֿפּראַלו זיך;
האַסטיק זיך אויפֿעפֿענען. ,,...די טיר אַ העפֿטיקן
שטויס געגעבּן, די טיר איז אויפֿגעשפּרונגען,,,
א. בּ. רוף, רינאַלדאָ רינאַלדיני II, וואַרשע 1865.
אויפֿשפּרינקלען — טרוו. ←
אויפֿשפּרענקלען.

אויסשפּריצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשפּריצן.

אויסשפּריצן — טרוו. שפּריץ אויף, ~
געשפּריצט. 1. (אויס)שפּריצן אַ בּיסל,
אויבּנאויף, פֿון אויבּן. א, דאָס וועש פֿאַרן פּרעסן.
2. אַרויפֿשפּריצן. א, וואַסער אויף די הענט.

א, פֿעטע זופּ אויפֿן קלייד. „דער װאולקאַנישער פֿאָנטאַן שפּריצט אויף קאָכעדיק װאַסער“.

-

אויסשפּריצן זיך — קזוו. ← דפֿוו. (קינדערלשון), שפּריצן איינס דאָס אַנדערע. זיך א', נאַס װערן און לאַכן.
אויפֿשפּרענקלען — טרוו. ־קל אויף, ~ געשפּרענקלט. אויפֿגיסן, אויפֿנעצן, אויפֿשפּריצן מיט דינע און שיטערע טראָפּנס. א, אויף זיך פּאַרפֿום. א, װאַסער אויף אַ העװ פֿאַרן פּלעטן (פּרעסן).

-

אויסשקאָצעװען זיך —. אוטוו. ־עװע זיך אויף, זיך ~געשקאָצעװעט. אָנהייבן זיו פֿירן מעשׂה שייגעץ, ניט װי עס פּאַסט (פֿאַר אַ ייִדישן בחור). א, זיך װי יורקע (אָדער אַן אַנדערער פּאָפּולערער ניט־ייִדישער נאָמען).

▯

אויסשקראָבען — טרוו. ־בע אויף, ~ געשקראָבעט. פּפֿ: ~סקראָבען, ~ שקראַבען, אויפֿקראַצן, אויפֿשאָבן, אויפֿרײַבן. א,

טייג פֿון מולטער.

▯

אויסשקראָבּען זיך — אוטוו ← דפֿוו. אויך:
מאַכן לאַנגע הכנות. א, זיך און קומען נאָך
דער חופּה, צו עלינו אע.
אויפֿשקרן — [...שע'קערן] טרוו. שקר אויף,
~געשקרט. אויפֿבּרענגען, אַפֿירבּרענגען אַ
ליגן, ליגנס. א, אַ גאַנצע געשיכטע.
אויפֿשראָטעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געשראָטעוועט. (בּײַ מילנערס) אויפֿמאָלן גראָבּ,
אַזוי ווי שראָט.
אויפֿשרובּעווען — טרוו. ־עווע אויף, ~
געשרובּעוועט. (סטאָליערײַ, ראָדעם). אויפֿשרויפֿן,
צונויפֿשרויפֿן. א, פֿאַרן הובּלעווען.
אויפֿשרויפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויפֿשרויפֿן. „דאַרף ער [
לייוויק] מער נישט קיין וויזיאָנערישע א, פֿון
טויט“, בּ. ריווקין, ה. לייוויק...
אויפֿשרויפֿן — טרוו. שרויף אויף, ~
געשרויפֿט. 1. אָפּשרויפֿן, אַראָפּנעמען פֿונעם
שרויף. א, די ראַם און אַרויסנעמען דאָס
בּילד. „איין בּעכר דער דא גיגלידרט איז, טאָר
מן אם שבּת ניט אויף שרויבֿן אונ אַך ניט

אײַנשרויבֿן — דען עש איז איין מלאָכה“, לט1, 2/72. 2. פֿאַרשרויפֿן, צונויפֿפּעסטיקן מיט אַ שרויף. אַרײַנשטעלן דאָס בילד און א, די ראַם. א אַ בּרעט אין אַ שרויפֿשטאָק און

,

הובלען. 3. צונויפֿדרייען, אויפֿהייבן, אָנהורבען. „....וואו דער ווינט האָט זיך אָפּגעריסן אין די בּערג, אויפֿגעשרויפֿט דעם שניי אויף

אויפֿשרײַבן

די וועגעלעך„, אָפּאַ, אין דער נאַכט פֿון ניטל'. 4. אַרײַנבּרענגען אין אַ שפּאַנונג. „יודלען האָט דער נײַער חבֿר גאָר אויפֿגעשרויפֿט“, ממוס, יודל. „כ'הייב אויף אַ בּרעם...מײַן אויג ווערט שפּיציק אויפֿגעשרויפֿט“, הר, מײַן ליכי טיקע נסיעה. 5. מאַכן אויפֿשטײַגן. א, דעם מקח.

אויפֿשרויפֿן זיך — ← דפֿוו. 1. ווערן צערודערט, צעטומלט. א, זיך און ניט וויסן וואו מען איז אין דער וועלט. 2. צונויפֿנעמען זיך, מיט אָנשטרענגונג זיך קאָנצענטרירן. א, זיך ריכטיק צו ענטפֿערן, צו מאַכן דעם

ריכ וֹן גאַנג.

טי

אויסשרומפּן — טרוו. שרומפּ אויף, ~ געשרומפּט. (זן: ~געשרומפּן). אויפֿקנייטשן, אויפֿבייגן, אויפֿפֿאַלבן, צונויפֿקנאָדערן. א, אַ נײַעם בגד.

-

אויסשרומפּן זיך — ← דפֿוו. ווערן אײַנגעצויגן, קלענער, מאָגערער. א, זיך, ווערן ווי אַ זקן.

אויפֿשרײַ — דער, ־ען. אַקט פֿון אויפֿשרײַען. קורץ, אומגעריכט געשריי. אַן א, אין דער נאַכט.

□

אויסשרײַב — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשרײַבן. „איז פֿון זײַן פֿעדער אַרויס אַן א, וואָס האָט...דערבראַכט צו גרויסער פֿרייד“, ליבמאַן, וואָכנבלאַט, נ,,י, 26 1952 IX.

-

אויסשרײַבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אויפֿשרייַבן.

-

אויסשרייַבן — טרוו. שרייַב אויף, ~
געשריבן. 1. פֿאַרצייכענען בכתבֿ, אין אַ
שריפֿטלעכער פֿאָרעם. „קלאַנג איז דאָס וואָס
מע רעדט אַרויס און מע הערט; אות — וואָס
מע שרייַבט אויף און מע זעט“, ימ,
שולגראַמאַטיק, 1921. „...קען קיין צוויי
צעבראָכענע ווערטער ניט א'“, שע, סטעמפּעניו. „קהלת
האָט גיטראַכט ניצלחע זאַכן ממציא צו זייַן
אין אמתע זאַכן קלאָר אוף צו שרייַבן“, מס,
קהלת תּקע“ט, יבֿ, 10. „ווען דוא גלייַך איין
קלייני זאַך לערנשט, טוא דיר עש אויף שרייַבן,
דען ווייַל עש קליין איז מעכשטוש פֿרגעשין“,
עיון, 1/9. 2. שרייַבן פֿון אויבן. א, די
דאַטע. א, דעם נאָמען פֿון מחבר. „בויט אַ
מענטש אַ הויז, זאָגט הקב“ה: שרייַב אויף
מייַן נאָמען און זעץ אים אייַן אויף דעם
טויער...און איך וועל דיך היטן פֿון דרויסן„,
נצ2, סג/ג.
3. אָנשרייַבן אינגאַנצן (פֿון אָנהייב ביזן
סוף). א, אַ בריוו און אים אַוועקשיקן. „איז

בײַ מיר געבליבן, איך זאָל זיי א, אין אַ ספֿר
און זאָל זיי מחבר זײַן,,, חה, 38. ,,האָסטו דייי
טאַקע פֿון גאָט אַליין אַ מוסר דערפֿאַר וואָס
דו פֿוילסט זיך א, דײַן לעבנס־געשיכטע,,,
ממוס, ש מה. ,,'מגלה טמירין, איז אין־
דעראמתן ניט איבערגעזעצט, נאָר נאָכאַמאָל
אויפֿגעשריבן געוואָרן", שנ, דערציילעדם און
ראָמאַניסטן .
4 פֿאַרשרײַבן (פינקטלעך). א אַלץ וואָס
. ,
דער עדות זאָגט. ,,...איז ער עכ"פּ מחויבֿ זײַן
חשבון אויף צו שרײַבן אונ, זאָל זיך אונטר
דען חשבון חתמן", תקק. "אַז אלי עדים וואו

אויפשרײַבן זיך

מן אב גהערט האָט, זאָלכש האָט מוסיער
מאַרזאַל אויף גשריבין,,, 'כ,,י וועגן מעצער
עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. ,,ווען מן ניט אלש
אויף שרײַבט, זוא קאַן מן אופֿט לייקנן,,, לט1,
2/154. ,,אונ, יעדר ב,,ב [= בעל־הבי] פֿי
נדבֿת לבו — צו הילף קומן אונ, זײַן נדבֿה

אויף שרײַבן לאזין,,, 'פּנקס קהלת אה,,ו', תּפּ,,ו,
כּרוז ק"ו [אָסף, ייִבל XXIII)(].
5. אַרײַנשרײַבן (ווי אַן איינס אין אַ
רשימה). ,,און, בּייא נאַכט גיט דיא נשמה אַרויף...
און, זיא זעלבּשט זאָגט עדות אויף אַלום און,
אַלץ ווערט אויף גישריבּן", נצ1, בּמדבּר, ד/א.
,,[אין דער קרעטשמע] איז אַ ייִד געזעסן. זי
הייסט אים געבּן עסן...און אויף איר חשבּון
א"', עט, לידער. ,,גייען אַוועק די מלאכי־חבּלה
און שרײַבּן אויף אַלע זײַנע ווערטער אין אַ
בּוך", לט2, 2/4. 6. אַרכ. פֿאַרצייכענען (ווי
אַן איינס אין) דעם אינווענטאַר; אָפּשרײַבּן
(צו רעקוויזירן, צו פֿאַרקויפֿן פֿון אויקציאָן).
,,...איין אָפּאַנטור [= אינווענטור] האָבּין
גימאַכט און, אויף גישריבּין דען נאגיל אויף
דער וואַנט און, אַליז פֿאַר חתמת", גה, 311.
,,ווען ער אַלז אויפֿשרײַבּט, דען פֿינד ערש
אויף זײַן בּוך וואַש ער אין הויז האָט", לט1,
1/155.
7. איבּערשרײַבּן. ,,גאָט האָט געבּאָטן דעם
מלך...ער זאָל זיך די משנה תּורה א, אויף
א ספֿר", חה, בּ, 258. 8 פֿטמ אויפֿמאָלן.

,,גענומען איינעם פֿון די גרעסטע מאָלער, אַז

ער זאָל פֿאַר אים א, ביידע פֿאָטאָגראַפֿיעס“, לדב, 238.

אויפֿשרײַבן זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו.

צונויפֿשרײַבן זיו, פֿירן קאָרעספּאָנדענץ. „אין יאָר תּ״ר האָבן אָנגעהויבן נתפּרסם צו ווערן קונטרסים פֿון...צמח־צדק ז״ל, וואָס ער האָט זיך אויפֿגעשריבן מיט רבנים„, לדב, מד.

אויפֿשרײַבעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).

אויפֿשרײַבונג, אויפֿשרײַבעניש. אויך איר, מיט ביטול. אַן א, ניט איבערצולייענען. „...אינעם נוסח פֿון פֿאַרצײַטיקע ספֿרים, מיט א'ן אין קעפּל פֿון יעדן קאַפּיטל„, שנ, ווענן יודישע שרײַבעך .

אויפֿשרײַבעניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערדיקער) פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשרײַבן.

אויפֿשרײַבער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס שרײַבט אויף. „ער איז ניט קיין בוכהאַלטער, בלויז אַן א, אין הילפֿסביכער“,

דייד.

אויפֿשרײַבערײַ — דאָס & די, ־ען. אַרבעט, טואונג, אָדער רעזולטאַט פֿון אויפֿשרײַבן (מיט ביטול). “מיר געפֿעלט ניט אַזאַ א„

שרײַבט איבער די נאָטיץ". „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן א, אויפֿן טאָוול? מעקט עס אָפּ".

אויפֿשרײַען — שרײַ אויף; ~געשריגן, ~געשריִען. אוטוו — מיטאַמאָל, פּלוצלינג אַרויסבּרענגען אַ (קורץ) געשריי. א, פֿאַר ווייטיק. א, אויף עמעצן. „[זי] האָט אויפֿגעשריגן און באַהאַלטן איר פּנים", ייִט, טאָג, 27 II 1960. טרוו — אַרויסבּרענגען עפּעס צו הויו, (אַזוי ווי) שרײַענדיק. א, אַ רעדע.

5()5

אויסשרײַען זיך — קזוו. ← דפֿוו.

צונויפֿשרײַען זיך, זיך פֿאַרשטענדיקן מיט געשריי, מיט צו הויכע קולות. „די שכנות שרײַען זיך אויף פֿון די פֿענצטער פֿון די אַקעגנדיקע הײַזער", רייד.

אויסשרײַעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אויפֿשרײַען (זיך).
אויפֿשריפֿט — די, ־ן. דאָס וואָס עס איז אויפֿגעשריבן פֿון אויבן, געווײנטלעך — קורץ. קאָפּ, טיטל; איבערשריפֿט, קורצער זאַץ וואָס גיט איבער דעם תּוך פֿון ענין. „קלײנע אָרעמע מצבֿות: קורצע א'ן אויף זײ“, ש. פֿרוג I, 'אויפֿן בית־עלמין'. „די א, [אויפֿן טאָוול] איז אים שווער געווען צו לײענען“, ממוס, קליאַטשע. „געלערנטע גראָבן און געפֿינען — שטײנער, מצבֿות, ווענט אין חורבֿות. אויף די שטײנער א'ן, אין די א'ן — מענטשן־גורל“, קאָראַלניק II.
אויפֿשרעטעווען — ← אויפֿשראָטעווען.
אויפֿשרעק — דער, ־ן. אַקט פֿון אויפֿשרעקן. דערשרעק, אויפֿציטער. „...צוזאַמענגעגאָסן אין אײן פֿאַרסודעטן אָוונטלעכן א'„ זש. „איך הער, מײַן קינד, דײַן א, אין שלאָף, מיט ווילדע אַנגסטן קלינגט דײַן רוף“, א. שומיאַטשער, לידעך.

-

אויסשרעקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אויפֿשרעקן.

אויסשרעקן — טרוו. שרעק אויף, ~ געשראָקן. 1. מיטאַמאָל, אומגעריכט אַרויסרופֿן שרעק. „אַ ליאַדע שאָרך שרעקט זי אויף, לאָזט אַרויס אַ געשריי און בלײַבט ליגן פֿאַרציטערט“, פּרץ, „אַ פֿאַרשטערטער שבת„.
2. מיט אָנשרעקן אַוועקטרײַבן, פֿאַריאָגן. א, די טויבן, זיי זאָלן אַוועקפֿליִען פֿון דאַך. „ אויפֿגעשרעקט אַלע וואַלד־באַשעפֿעניש...איז געוואָרן אַ רעש“, אמד, די גײַסטער־געשיכטן, ווילנע .1871 .

אויפֿשרעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך פלוצלינג דערשרעקן. א, זיך פֿאַר אַ שאָטן אויף דער וואַנט. א, זיך און אַנטלויפֿן.

אויפֿשתיהן — [...שטיִ'ען] טרוו. שתּיה אויף, ~געשתּיהט. פּפֿ: ~שתיענען [...שאַ' סיענען]. אַ סך אויפֿטרינקען בײַם שיכּורן. „א, אַ האַלבע פֿלאַש בראָנפֿן„. (אומאיידל).

אויף; שׂונאי־ציון — [...סאָ'ניי־ציִען] פֿאַרזיכדיקע פֿראַזע (ניט קיין גליד פֿון זאַץ). אויף פֿײַנד פֿון ציון, אויף ייִדישע שׂונאים געזאָגט.

ווערט געניצט בײַם רעדן וועגן עפּעס וואָס איז שלעכט, איז אַן אומגליק, וואָס אַ גוטער מענטש דאַרף געהיט ווערן פֿון דעם. „יענער שמשׂ איז א, שׂ'־צ, קראַנק געוואָרן, ליגט ער אין הקדש‟, קאַלמוס, לעבּעדיקעך יתום, אַדעס 1876. [אין מויל פֿון פֿאָלקסמענטשן: ס'זאָל ניט ציִען = ס'זאָל ניט אָנקומען. אַ מוטער צו אַ קינד: „אין ד'ערד אַרײַן! ס'זאָל ניט ציִען!„].

אויפֿשׂכלען — [...סייכלעח טרוו. שׂכל אויף, ~געשׂכלט (שפּאַסיק, איר). 1. אויפֿקלערן, דערקלערן. א, (דעם שׂכל פֿון) אַן ענין. 2. אויסקלערן, אויסגעפֿינען (און אַזוי ווי אויפֿבּויען). א, אַ המצאה. מיט ז י ו —

אויקעץ

1. דערטראַכטן זיך צו עפּעס. 2. אַרויסשטעלן זיך פֿאַר אַ בעל־שׂכל.

אויפֿשׂמחהן זיך — [...סימכען] אוטוו. שׂמחה זיך אויף, זיך ~געשׂמחהט. אויפֿפֿרייען זיך, ווערן מלא שׂמחה. א, זיך ווי בײַם אויסגעבּן די מיזינקע.

אויפֿשׂרפֿענען — ← אויסשׂרפֿענען.

אויפֿתּהתּן — [...טאָכעסן] טרוו. תּחת אויף, ~געתּחתט. וואול. במקום־ווערבֿ פֿאַר אויפֿטאָן, אויפֿאַרבעטן אע. א אַ שטיקל אַרבעט.

,

ניט אויפֿגעגנייט, נאָר אויפֿגעתּחתט.

אויף תּיקון־מדינה — [...טיקנמעדי'נע] אַדוו פֿראַזע. (וואוילינגעריש, איר) 'צו פֿאַרריכטן דאָס שלעכטע אין דער מדינה,; פֿאַר דעם נוצן פֿון כּלל, פֿון מלוכה. ,,ביסט געזעצט א, תּ,־מ, אַז זיי זאָלן קיינעם ניט אָנפּרײַערן?‟, בימקאָ, גנבֿים.

-

אויסתּירוצן — ← אויסתּירוצן.

אויפֿתּכלעוועון — [...טאַ'כלעוועו] טרוו. תּכלעווע אויף, ~געתּכלעוועט. פֿאַרתּכלעוועון, ברענגען צו אַ שלעכטן תּכלית; פּטרן, איבערפֿירן. א, אַ פֿאַרמעגן.

אויפֿתּלינען — [...טאַליענען] טרוו. תּליו אויף, ~געתּלינט. (אין פֿאַרשטעלטן לשון) אויפֿהענגען. ,,ווען ווען מען שוין אָט דעם נײַעם צורר א, ווי המנקען?‟

אויפֿתּקיעהן — [...טקיִען] אַקוזוו. תּקיעה

אויף, ~געתּקיעהט. (שפּאַסיק, איר)
אויפֿטרומייטערן; לאָזן וויסן מיט פּאַראַד, מיט
גוזמאות; אויפֿבלאָזן אַן ענין. א, אויך־מיר־אַ
נצחון.
אויק — אויסרופֿוואָרט. דזוו אוי ←, דריקט
אויס ווייטיק. סוב. קלאַנג פֿון וויינען, כליפּען.
„שטיל! קיין א, נישט מער! אַ יחסן וועסטו
זײַן בײַ דײַן מאַמען“, יד, יאָסעלע.
אויקסאָמעטער — דער, ־ס. < איי < גר.
אינסטרומענט צו מעסטן דעם
פֿאַרגרעסערכּוח פֿון אַ לינדז, פֿון אַן אָפּטישער גלאָז
בכּלל.
אויקסאַנאָמעטער — דער, ־ס.
אינסטרומענט צו מעסטן דעם צוואוקס פֿון געוויקסן.
אויקסי'ן — דער. מצ נב. < איי < גר.
געוויקסן־זאַפֿט. סובסטאַנץ אין געוויקסן וואָס איז
אַ גורם אין פּראָצעס פֿון וואַקסן.
אויקען — אוטוו. ־קע, געאויקעט
אַרויסברענגען דעם קלאַנג (די קלאַנגען) אוי (
אויאוי); זיפֿצן, אָבצען. א, און אײַקען. א, און
אָכקען. „די ווײַב אויקעט, דער הונט
קאַנויקעט, דאָס קינד כליפּעט און דער דלות
ריפּעט“, שזו. „איך זינדיק נישט חלילה, איך
אויקע נאָר אַמאָל, ווי דערלעב איך שוין

איבערקומען דעם...פּריזיוו“, ממוס, פּריזיוו.

,,...האָט טרערן ער געגאָסן, געזיפֿצט, געאו□.
קעט און געקלאָגט“, פֿרוג II, ,הערבּסטלידער'.
,,עלף טעג האָט זײַן ווײַב זיך אַרומגעוואָרפֿן
אויף איר געלעגער און האָט געקרעכצט, און
געזיפֿצט, און געאויקעט“, ד. פֿרישמאַן,
עךצעהלונגען.

אויקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אויקען. אַן א, אַז עס צערײַסט
דאָס האַרץ.

אויק□ו — דער, ־ן. ריכטיקער אויסלייג:

אויקציאָן

עוקץ. קרײַטשיק, שפּיץ פֿון אַ בּרויט. ,,איך
קען ניט זײַן אַזוי קליינלעך, איך קען ניט
מעסטן מיט אַ שפּאַגאַטל דעם א, פֿון ברויט
ווי אַנדערע טוען,,, ש. בּערלינסקי, אין יענע
טעג, תּ“א 1958.

אויקציאָ'ן — די, ־ען. > איי > ל.
אָרגאַניזירטער, עפֿנטלעכער אויספֿאַרקויף פֿון
סחורות (גיטער) פֿאַר דעם העכסטן אָנגעבאָטענעם
פּרײַז; ליציטאַציע. ,,האַלט ניט שטאַרק פֿון
דער אייגענער פּרנסה ווי אויפֿקויפֿן אַלטע

שמאָכטעס אויף א'ען און דערנאָך פֿאַרקויפֿן
זיי אין ניזשנע אויפֿן יאַריד,,, זש, שקלאָווער
קינדער.
אויקציאָני'ר, ־נע'ר — דער, ־ן. ווער עס
פֿירט אָן אַן אויקציאָן; ליציטאַטאָר.
אויקציאָנירן — טרוו. ־ניר, אויקציאָנירט.
דורכפֿירן אַן אויקציאָן, אויספֿאַרקויפֿן אויף
ליציטאַציע פֿאַרן העכסט־אָנגעבאָטענעם פּרײַז.
אויר — ← אַוויר.
אויראָרע — די, ־ס. < איי < ל. פּפּ:
אַווראָרע. 1. מאָרגנשײַן, מאָרגנהויט
אויפֿן מזרחדיקן האָריזאָנט פֿאַר זונאויפֿגאַנג.
[באָרעאַלע א, — צפֿון־ליכט, פֿלאַמיקער
ליכטאויפֿשטראַל אין דער צפֿונדיקער העמיספֿער;
אויסטראַלע א, — דרום־ליכט, דז איו דער
דרומדיקער העמיספֿער]. 2. (רוימישע
מיטאָלאָגיע). געטין וואָס עפֿנט פֿאַר דער זון דעם
טויער פֿונעם מזרח.
אויראָרע־פֿלאַטערל — דאָס, ־עך. פֿלאַטערל
וואָס באַווײַזט זיך גלײַך באַגינען. אויך:
באַגינען־פֿלאַטערל, מאָרגנרויט־פֿלאַטערל. די
פֿליגעלעך זײַנען מיט ווײַסע און שוואַרצע פּאַסן,
די שפּיצן פֿון די פֿאָדערשטע פֿליגעלעך בײַ
דעם ער זײַנען העל־רויט.]uch1o car ami־

□ □].

אַוירון — ← אַווירון.

אוירינג — דער, ־ען. געוויינטלעך:
אוירינגל ←. אַרך און אַ בּאַזונדער גרויס אוירינגל.
„די א'ען אין זייערע אויערן„, תּי, בּראשית,
לה, 4 [,הנזמים □]. „...אָרעמבּענדער און
האַנטקייטלעך, פֿינגערלעך, א'ען“, תּי, בּמדבּר, לא,
50 ['עגיל']. „איר וועט מוזן שענקען דער
רבּיצין אײַער ווײַבּס א, מיטן בּראָש„, ייִל,
פּוילישע ויִנגל, 1895.

אוירינגל — דאָס, ־עך. צונויפֿשמעלץ פֿון
אויער + רינג. 1. רינגל אָדער יעדער מין
צירונג וואָס מע טראָגט אויפֿן לעפּל פֿון
אויער (דורכגעשטאָכן אָדער צוגעשרויפֿט).
דורכשטעכן די אויערן פֿאַר א'עך. די א'עך
בּאָמבּלען זיך. ירושה־א'עך. „אַ ייִדענע איז אַ
שטערנטיכל, אַראָפּגעהאָנגענע א'עך און אַ
בּרוסטטיכל מיט אַן אויבּל“, פּרץ, חסידיש.
„פֿאַרבּרענגענדיק מיט די ווײַבּער, האָבּ איך
געהערט וועגן א'עך און שנירלעך פּערל“,
ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. *געבּוירן
ווערן מיט אַ (גאָלדן) א, = זײַן אַ בּר־מזל.
*עס פּאַסט ווי אַ חזיר (אַ פּאָר) א'עו = עס

פֿאַסט שוין גאָרניט! עס איז אַ שלעכטע, אומעסטעטישע פֿאַרבינדונג [אויפֿן סמך פֿון: 'נזם זהבֿ באף חזיר', משלי, יא, 22]. *אַ ייִד(ל) מיט אַן א', אַ אַט מיט אַן א, = וואָס
י
עס איז שווער זיך אַרויסצווויייען פֿון אים,

5()6

וואָס מע האָט מורא זיך צו פֿאַרטשעפּען מיט אים. אַ ייִדענע (אַ מיידל, אַ פֿרוי) מיט אַן
.
א, = דז און אויך מיט אַ מענה־לשון [קומט פֿון דעם וואָס אַ סך קאָזאַקן פֿלעגן טראָגן איין א'. געווען אויך ניט־קאָזאַקן קריסטן וואָס האָבן געטראָגן איין א'. „אַ כיטרע גוי מיט איין א, און האָט שוין אַ סאַמאָוואַר אין שטובֿ“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ II]. „דעם חתנס מוטער, אַ ייִדענע מיט אַן א', שרײַט אַ זי וויל דעם גאַנ ן נדן, נישט ווינציקער„, אָמעריקאַנער, 14 l958 III. „און אויבֿ דאָס איז נישט גענוג, רוקט זיך אונטער אַ צווייטע מכּה: אַ מיידל מיט אַן א'...“, רעסלער, טמז, 3 1960 IX.
2. וורר. רויט־א, — באַציר־בלימל, אָן

אַ ריח, וואָס זעט אויס ווי אַ גלעקעלע אָדער
קליינער מעדאַליאָן; רויטגלעקל, גלעקעלע. „עס
וועלן זיך נאָך אָפּזוכן יִדיש־לייענער וואָס
געדענקען...שנייגלעקלעך, א'עך און להבֿדיל...
קראָפּעווע“, דר, וואַלאַך, טמז, 1960 II י 24.
.][)icentra sPectabilis
אַוירן — ← אַווירן.
אוירע — די. מצ נבֿ. < ל, גר. אויך אָרע.
אַטמאָספֿער אַרום (עמאַנאַציע פֿון) אַ
פּערזענלעכקייט. „די ספּיריטואַליסטן רופֿן אָט די
אומזיכטבאַרע געשטאַלט וואָס שטראַלט זיך
פֿון אונדז אַרויס און רינגלט אונדז אַרום ווי
אַ לבֿוש — א',„ בֿ. ריווקין, ה. לייוויק...
אוישוויץ — גנ. שטעטל אין פּוילן. געווען
אַן אַלטע יִדישע קהילה. טראַדיציאָנעלער
נאָמען או(י)שפּיצין, אויף פּויליש
אָסוויענטשים. [גרעסטער נאַציִשער
קאָנצענטראַציעלאַגער, אויסגעבויט אין פֿרילינג 1940. אַ
ריזיקער קאָמבינאַט פֿון צוויי הויפּט־לאַגערן און
39 בײַלאַגערן אויפֿן גאַנצן שטח פֿון שלעזיע.
פֿון די 400,000 קאַצעטניקעס וואָס זײַנען
דורכגעגאַנגען דעם לאַגער, זײַנען וויניקסטנס
340,000 אומגעקומען פֿון עבֿודת־פּרך, הונגער,
קראַנקייטן און פּײַניקונגען. גרעסטע נאַציִשע

טויט־פֿאַבריק. אומצאָליקע טראַנספּאָרטן מיט
מענטשן פֿון 29 פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן
זײַנען דירעקט געשיקט געוואָרן צום אומקום
אין די גאַזקאַמערן פֿון א'. מע שאַצט די צאָל
תּיכּף־אומגעבראַכטע אין א, אויף מינימום
פֿיר מיליאָן, צווישן זיי קרובֿ צו צוויי מיליאָן
ייִדן.]
אוישטרייך — ארכ. דזוו עסטרײַך.
-

או(י)שפּורק — ← אויגסבורג.
אד(י)שפּיצי□פּט□ר — [אוי קנויס אוי פּטויר]
— ← אוישוויץ.

א□ בּנ□ס א□
תּל. זאַץ פֿון כּתובֿות, קט/א. אָדער נעם
אָדער בּאַפֿרײַ. 1. ווערט געזאָגט צו איינעם
וואָס איז פֿאַרקנסט צו אַ מיידל און לייגט כּסדר
אָפּ (אָדער וויל ניט) חתונה (צו) האָבן מיט איר.
2. (סוחריש) ווערט געניצט, ווען מע פֿירט צו
לאַנג אונטערהאַנדלונגען וועגן אָפּשליסן אַ
געשעפֿט, אָדער ווען מע בּאַשטעלט עפּעס און מע
נעמט ניט די סחורה. 3. תּח. אָדער אַהין
אָדער אַהער; מע דאַרף זיך בּאַשליסן, ווײַל
מע טוט עמעצן אַן עוולה מיטן וואַקלען זיך.
אוך — אויסרופֿוואָרט. דריקט אויס

פֿאַרמאַטערטקייט; דזוו אָך און דריקט אויס
פֿאַרוואונדערונג, איבּעררַאשונג, ווייטיק אאַ.

א□כל ואינ□ עושׂה

אוכאַזשאָ'ר — דער ־ן. רוסיצ. פֿאַרערער פֿון
אַ פֿרוי (פֿרויען); דער וואָס גייט אַרום מיט אַ
מיידל, אָבּער איז נאָך ניט געוואָרן איר חתן.
„זי זאַנימאַיעט זיך מיט פֿרעמדע אוכאַזשאָרן“,
פֿל [סקודיצקי פֿאָלקלאָר־בּאַנד II]. אַדי. ־סקע.
□ ,
וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אוכאַזשאָר.
א'ע מאַנירן, גענגעלעך, שטיקעלעך.
אוכאַזשאָ'רקע — די, ־ס. פֿטמ. 1. די
וואָס האָט אַן אוכאַזשאָר. ווי געפֿעלט דיר
מײַן א'? „דער אַרכיטעקטאָר איז [געווען] בּײַ
זײַן א'“, קאָהאַן, אינזשענערן, קיִעוו, 1932.
2. די וואָס אוכאַזשעוועט עמעצן. זײַנע אַן א'.
אוכאַזשעווען — טרוו. ־עווע, אוכאַזשעוועט.
רוסיצ. 1. אַרומגיין מיט אַ מיידל כּדי צו
ווערן איר חתן; הויפֿירן אַ פֿרוי; זײַן
קאַוואַלעריש מיט אַ פֿרוי כּדי איר צו געפֿעלן. א,
אַ מיידל, אַרומטאַנצן אַרום איר. 2. בּאַדינען
מיט גרויס זאָרג; וואַרטעווען אַ קראַנקן. א,

אַ קראַנקן. א, דעם גבֿיר, ווי ער וואָלט געווען
אַ קליין קינד.
אוכאַן(־ניע, ־נע) — גנ. שטעטל אין
לובלינער קרײַז, פּוילן. 1897 — 1,980 אײַנוו',
פֿון זיי — 1,386 ייִדן. צונאָמען: א'ער
לײַבצערדאַקעס. [1943, נאָך דעם אויפֿשטאַנד אין
נאַצישן לאַגער סאָביבאָר, האָבן עטלעכע
צענדליק לאַגערניקעס זיך געראַטעוועט אין די
וועלדער אַרום א, וואו זיי האָבן אַ צײַט געפֿירט
פּאַרטיזאַנען־קאַמפֿן.]
אוכוואַלע — די, ־ס. סל. < פּויל.
פֿאַראָרדענונג פֿון רעגירונגס אַמט; טערמין פֿון

גילטיקייט פֿון אַ תּקנה (וועגן צינזן). „חזקתו
אבֿודה על ג, אוחוואַליש„, פּנקס מדינת ליטא,
תּקנות ועד תּי"ב [1652].
א◌כל — [אויכל] דער, ־ים [אָ'כלים]. תּנ, תּל.
1. ווער עס עסט, ווער עס שפּײַזט זיך בײַ
עמעצן. „קיין עין־הרע, אַ פֿולע שטובֿ מיט
א'ים", רייד. אוכלים מרובים — [אָ'כלים
מערו'בים]. < חגיגה, ח/ב: 'מי שיש לו א,
מ, ונכסים מועטים,. אַ סך עסערס, אַ גרויסע
משפּחה; אומזיסטיקע עסערס, וואָס זיי שפּײַזן
זיך בײַ עמעצן און טראָגן ניט צו זייער חלק

כדי צו העלפֿן שפּײַזן. איר, געבענטשט זײַן מיט א, מ, און נכסים מועטים. *מאַכן פֿון עמעצן אַ גאַנצן א, = א) אים באַטראַכטן ווי אַן אייגענעם, מקרבֿ זײַן; ב) שטאַרק ליבן, מגזם זײַן מעלות. 2. וואָס מען עסט, מאכל, שפּײַז. „מיט אַ ביסל שׂכל ווערט פֿון שאָלעכץ אַן א'", שוו. *מאַכן פֿון עפּעס (נישט, גאָרנישט) אַן א, = א) מאַכן פֿון אַ קלייניקייט אַ גאַנצן ווע(ז)ן; ב) געניצט בײַם ליבן אַ גוטע בעל.. הביתטע. „זי איז אַ בריה: פֿון הערינג־הויט און בולבע־וואַסער מאַכט זי אַן א'".

א□כל בשוק — [אויכל באַשו'ק]. ערשטער טייל פֿון זאַץ, (שוו) 'אוכל בשוק...דומה לכּלבֿ', קידושין, מ/ב — ווער עס עסט אין גאַס (מאַרקפּלאַץ) איז געגליכן צו אַ הונט. אויסדרוק פֿאַר אַ גראָבן־יונג וואָס ווייס □.ט ווי זיך צו פֿירן. אויך: אוכל בשוק דומה ל ח ז י ר. די פּאָפּולערע פֿ: אוכל בשוק דומה לפּאַרשו'ק.

א□כל ואינ□ עושׂה — [אויכל ווען'אינו אוי־סע] פֿראַזע. צונויפֿקאָמבינירונג. ווער עס

א□כל טריפֿות

עסט און טוט (אַרבעט) ניט; ליידיקגייער, אומזיסטער עסער. „...אַז מע האָט בײַ זיך עטלעכע פּאָרפֿאָלק אויף קעסט, די אוכלים ואינם עושׂים [אָ'כלים וועאיי'נאָם אוי'סי], דאָס הייסט אומזיסטע פֿרעסער זיצן ווי אין אַ שטײַג", ארז, קמ, 8 1870, No.

א כל טריפֿדת — [אויכל־טרײַ'פֿעס] דער, אוכלי־... [אויכליי־..], פּפֿ: אוכל־טרפֿות [...טאַרפֿעס]. ווער עס עסט וואָס מע טאָר ניט עסן לויטן דין. „פֿון אוכלי־־טריפֿות קומען מגפֿות", ווערטל. „ער האָט זיך פּשוט געשעמט פֿאַר זיך אַליין: ווי קומט ער, דער א'־ט', צו אַזאַ קאָמפּאַניע!", לדבֿ, 120. „ אוכליטריפֿות קומען ניט מיט קיין שאלות", רייד (פֿון אַ רבֿ).

א כל־טריפֿותניק — דער, ־עס. ← דפֿוו. „דער יצר־הרע דערנידעריקט אים [דעם זינדיקן] און זאָגט צו אים: דו מחלל־שבתניק, דו א'־ט'..."‚ ר, יוסף יצחק שניאורסאָן, מאמר ראָש־השנה, תּ"ש.

א כל־נבֿלות — [אויכל־נעוויי'לעס] דער, אוכלי־...[אוי'כליי־...]. ווער עס עסט וואָס עס איז אַ נבֿילה (פֿון אַ געפּגרטער בהמה אָדער

ווען די שחיטה טויג ניט, איז ניט על־פּי דין;
דערבײַ זײַנען פֿאַראַן אויך דינים פֿון טומאה,
אומריינקייט). דזוו אוכל־טריפֿות, נאָר מיט
אַ בײַבאַטײַט פֿון עקל.

א׳ כל־נפֿש — [אויכל־נע'פֿעש] דאָס (דער). מצ
נבֿ. תּל. מגילה, ז/בֿ: 'אין בין יום־טובֿ לשבת,
אלא א,־נ, בלבֿד'. פּיעט: "עס איז ניטאָ קיין
אונטערשיד צווישן שבת און יום־טובֿ (וועגן
פֿאַרבאָט צו טאָן אַ מלאָכה) נאָר (די מלאַכות
וואָס זענען) צוצוגרייטן עסנוואַרג פֿאַר
מענטשן אַליין,,. שפּײַז, עסנוואַרג. ,,ער אַרבעט
שווער און פֿאַרדינט ניט מער ווי זײַן א'־נ',,,
א. רעכטמאַן. ,,דערלאַנג וואָס דו ווילסט —
אַבי א'־נ'. עס חלשט מיר דאָס האַרץ", רייד.

אוכנאַל — [ווייכע ל] דער, ־יעס. < אוק. פּפֿ:
אופֿנאַל. < פּויל < דײַטש: uu׳nage1.
(בײַ שמידן און בעלי־עגלות) דינער,
פלאַטשיקער טשוואָק צוצוקלאַפּן די פּאָדקעווע.

אוכנ אָ'ק — דער, ־עס. < אוק. דזוו כניאָק.
י
,,א'קעס! האָט דער פּאַר(ש)טשיק געשריגן",
ממוס, מסעות.

אול־אול — [ווייכע ל] קלאַנגען וואָס מע ניצט
בײַם צונויפֿרופֿן גענדז.

אולאַמקע — די, ־ס. פּפֿ: אולאַמעק,
דער, ־מקעס. פּר, אוקר. 1. בּרוכצאָל. לערנען
א'ס. 2. אָפּגעבּראָכן שטיקל פֿון עפּעס. א'ס
גלאָז.
אולאַ, דער, ־ער (־ען). < איי < טערקיש.
פּפֿ: אַנער. רײַטער־סאָלדאַט אין טייל
אַמאָליקע אייראָפּעאישע אַרמייען (בּאַוואָפֿנט
מיט אַ פּיקע). „אַלע בּריקן...זײַנען געווען
בּאַדעקט מיט קאָזאַקן, א'ער, דראַגונער און
אַנדערע מינים חייל“, שע, אין שטורעם.
אולאַנאָוו — גנ. שטעטל פֿון פּאַד גובּ.,
1847 — l'136 ייִדן; 1897 — 2'000 ייִדן
[צווישן 2,047 אײַנוואוינערס].
אולאַנקע — די, ־ס. < פּויל. קורץ אייבּער
רעקל פֿון (אָדער ווי פֿון) אַן אולאַן.

5()7

אולא שקילנא [אַוו'לאָ שאָקי'לנאָ] פֿראַזע.
צווייטער פֿערז פֿון אַקדמות [מע זאָגט פֿאַר
קריאת־התּורה דעם ערשטן טאָג שבֿועות].
בּאַטײַט: 'צום ערשטן, טו איך נעמען,. אַ שפּאַס
בּײַ חדר־ייִנגלעך: „— וואָס מיינט א, ש'? —
איך וועל נעמען. — אַ מכּה וועל איך (דיר)

געבן!“.

אולווע — די, ־ס. גרינער ים־סאַלאַט. געוויקס אין ים־וואַסער. lva▯Iו.

אולוי'ניצע — די, ־ס. < מאָלדעוויש (איז בעס, רומ). דזוו אוליינוצע ←.

אולו'ס — דער, ־ן. < רוס < קאַלמיקיש. דערפֿל, דערעיקר פֿון קאַלמיקן אאַ סיבירער פֿעלקער. „און פֿון דערפֿל פֿון קלענסטן ביזן קלענסטן א, — איך, לערער־אַרמייער, אַ דאַנק און אַ גרוס“, איזי כאָריק, מיט לייַב און לעבן.

אולטים — אַדי. לעצטגילטיק; העכסט. „די א'ע איינהייטלעכקייט פֿון דער וועלט“, שנ, ה. לייוויק.

או'לטימאָ — דער, ־ס. < איי < ל. (סוחריש) צאָלטאָג, צאָלטערמין; לעצטער טאָג אין חודש צו צאָלן חובֿות, וועקסלען, רעגולירן חשבונות, טערמין־געשעפֿטן אאַ. א'־געלט = וואָס ווערט געגעבן אויף דער בערזע ווי אַ הלוואה פֿון סוף פֿון איין חודש ביזן סוף פֿון אַ צווייטן. מאַרק קרימבערג, ווירטשאַפֿטס־לעקטיקאָן, בערלין 1933.

אולטימאַטום — דער, ־ס. < איי < ל.

1. לעצטע קאַטעגאָרישע וואָרענונג (מיט אַ

טערמין פֿאַרן ענטפֿער) מצד איין רעגירונג צו אַ צווייטער. [דאָס אָפּוואַרפֿן אַן א, פֿלעגט פֿירן צו אַן איבעררײַס אין דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען און אויך צו אַ מלחמה.אויסבר▯ך צווישן די צוויי צדדים]. 2. לעצטע התראה. געבן אַן א, דעם קעגנער.

אולטראַ — דער, ־ס. < איי < ל. ווער עס שטעלט זיך אײַן פֿאַר אַן עקסטרעמען שטאַנדפּונקט, אידיי(ע), אין פּאָליטיק, פֿילאָסאָפֿיע, קונסט אע. „ער איז אַן א„ ווי יעדער פֿאַנאַטיקער“, רייד.

אולטראַ־ — פּרעפֿיקס פֿון אינטערנאַציאָנאַליזמען. < ל. איבער דער גרענעץ, העכער פֿון דעם וואָס איז נאַטירלעך, איז אָגנענומען▯ איבער דער מאָס (באַצייכנט די מאַקסימאַלע מאָס פֿון אַן אייגנשאַפֿט); עקסטרעם. א'־אָרטאָדאָקס; א'־בורזשואַז. א'־ליבעראַל, א,־ליבעראַליזם; א'־קאָנסערוואַטיוו, א'־קאָנסערוואַטיזם; א'־ראַדיקאַליזם; א'־נאַציאָנאַליזם, א'־קאַטוילִיש, א'־קריטיש און אַ סך אַנדערע. קאָן צוקומען אויך צו באַגריפֿן פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן: א'־בונדיסטיש, א,־ציוניסטיש. אויך: א'־לינק, א'־רעכט; א'־קודש, א'.

וואָכעדיקייט.
אולטראַאיזם — דער, ־ען. עקסטרעמיזם, ראַדיקאַליזם. אידיי(ע) אָדער פּרינצי טד
-
-.
פֿירט צו אַ מאַקסימאַלן פֿאַרנעם. או ר
איסט — דער, ־ן. וונ ־ין, קע, ־ס. אַדי: ־יש.
אולטראַ־וויאָלע'ט — אַדי. (פֿיזיק) קורץכוואַליעדיקער ווי וויאָלעט און אומזעאיק, וואָס קומט אין ספּעקטער איבער וויאָלעט. א'ע שטראַלן.

אוליוועקע

אולטראַ־טראָפּיש — אַדי. וואָס ליגט אויף יענער זײַט פֿון די טראָפּיקעס; הייסער ווי אין די טראָפּישע לענדער.
אולטראַ־מאָדערן — אַדי. איבערגעטריבן לויט דער סאַמע לעצטער מאָדע אין קונסט. א,־מ'ער מאָלער. „עס איז געווען אַן א'־מ'ע דראַמע: מענטשן האָבן נישט גערעדט, אָר דעקלאַמירט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס, אָבער עפּעס מיט אַ פֿאַרכאַפּנדיקער שיינקייט“, מוק,

מײַנע באַגעגענישן. א׳־מ׳יסט, דער, ־ן.
א׳־מ׳יסטיש, אַדי.
אולטראַמאַרי׳ן — אַדי. טיף־בלוי;
טונקלבלוי. סובּ — טונקל־בלויע פֿאַרבּ. „מאָלער
וועלבּן מיט א, באַלקאָנען און הימל“, עק.
אולטראַ־מיקראָכעמיע — די. מצ נבּ.
כעמיע וואָס האָט צו טאָן (פֿאָרשט, מאַכט
עקספּערימענטן) מיט גאָר קליינע טײלכעלעך פֿון
סובּסטאַנצן (למשל, מיט אַ מיליאָנטל פֿון אַ
גראַם). אַדי: ־מיש.
אולטראַ־מיקראָמעטער — דער, ־ס.
זייער סענסיטיווער מיקראָמעטער.
אולטראַ־מיקראָסקאָ׳פּ — דער, ־ן.
מיקראָסקאָפּ וואָס מאַכט זעאיק די טײלכעלעך
פֿון האַרטע קערפּערס אָדער פֿליסיקייטן, וואָס
מע קען זיי ניט זען דורך אַ געוויינטלעכן
מיקראָסקאָפּ. אדי: ־יש.
אולטראַסאָניש — אַדי. וואָס די
וויבּראַציעס פֿון דער קלאַנג־כוואַליע שטײַגן אַריבּער
די אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון מענטשלעכן אויער
[מער ווי אַן ערך 20,000 וויבּראַציעס ין אַ
סעקונדע]. א׳ע גיכקייט. ־ניק — די. דער
אָפּצווײַג פֿון פֿיזיק וואָס פֿאָרשט א׳ע
דערשײַנונגען.

אולטראַ־רויט — אדי. 1. (פֿיזיק) אינפֿראַרויט; לאַנג,־כוואַליעדיקער ווי רויט און אומזעאיק, וואָט קומט אין ספּעקטער אונטער רויט. א'ע שטראַלן. 2. עקסטרעם־לינק. אַן אולטראַ־רויטער פֿאַנאַטיקער.

אולי — [או'ל□I זאַצוואָרט. 20. יה נאָר תּח. „אולי לא תאבֿה האשה, (בּראשית, כד, 5), 'אולי ימשני אָבֿי, (דאָרטן, כז, 12) אאַזוו. קומט מיט דער קצ אָדער מיט איצ אין בֿ פֿון קצ. טאָמער, אפֿשר, קען זײַן (מעגלעך) אַז. דריקט אויס ספֿק אָדער האָפֿענונג. א, וועט ער מרוצה ווערן. א, וועט זי זיך לאָזן איבּערבעטן. א, געפֿינט מען דעם אויסוועג. „...זאָגט צו אים יעקבֿ [צו יוספֿן]: וועגן וואָס האָסט דו זוא איין שלעכט פּנים, אולי איז אויף דיר שווער די שאַף צו ווײדן...“, פֿאַוויר, גדולת יוסף. „איך ווער איין חתן..., א, מעכט איר מיר איין אָקע, 63° □י

[ספֿר היובֿל לי. בּער, ירושל

וינגרלין שיקן“, ,דרײַ בּריוו פֿון קר „

ים]. או

ואולי — טאָמער פֿאָרט, אפֿשר דאָך. אַן אויסדרוק פֿון לעצטער האָפֿענונג, הגם די

שאַנסן זײַנען קלײנע. „מע ט ור זיך ניט
מײאש זײַן, ניט אויפֿגעבן די האָפֿענונג, אולי
ואולי, בײַ גאָט איז אַלץ מעגלעך“.

אוליאַנאָוו — גנ. שטעטל אין גאַליציע, חרובֿ
געוואָרן אין יאָר ת„ט. 848 — 1765 ייִדן;
1910 — אַן ערו), 2 ייִדן.

א — [ו אין וורר, פּ] די, ־ס. פּפֿ:
מין עפּל, צום טײל מיט אַן א־ .

ילאוליטשקע

בערט־קאָליר און מיט אַ דינער הויט, אַזוי
ווי דורכגענומען פֿון בוימל. ווערט גערעכנט
צווישן די בעסערע סאָרטן עפּל.

ליטש . קלײן, שמאָל געסל. „האָבן זיך
או
'ליטש ע — די, ־ס. < פויל. אויך:

אידי פֿול געפּאַקטע פֿורן קוים דורכגעשטופּט
י די שמאָלע א'ס“, ר ול קאַרן, ער
ייִניוך .
או ניצע — די, ־ס. אוק. אויך: אָ
צע, אולינ(יצ)ע, ינע. וואַרשטאַט וואו

מע פֿרעסט אויס אייל (פֿון זוימען, מאָן, סעמעטשקעס).

אולײַען — טרוו. ־לײַע, אולײַעט. אוקר. סל. פּפֿ: אַלייען. באַרואיקן, אײַנשטילן (גע□־ ווײַנטלעך וועגן קינדער וואָס טומלען) מיט רייד, מיט אָנשרײַען. א, די ווײַסע־חבֿרהניקעס, דעם ווילדן מיזיניק.

אולי ירהם — [או'לײַ יעראַ'כעם] זאַץ. פֿאַרבינדונג פֿון אולי ← און ירחם ('כי ירחם ה, את יעקבֿ', ישעיה, יד, 1; 'ועניו ירחם', דאָרטן, מט, 13 אאַ). אפֿשר וועט ער [דער רבונו־שלעולם] זיך דערבאַרעמען. אויסדרוק פֿון לעצטער האָפֿענונג אין אַ שווערן מצבֿ. "בויט ער [דער ייִד] אין באַשטענדיקן גלות מצרים פּיתום ורעמסס פֿאַר פּרעה, קלײַבט אַליין דאָס שטרוי און זיפּצט: א, י"", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „ווען עס איז שוין ניטאָ אויף וואָס (ווען) זיך צו פֿאַרלאָזן, דאַרף מען זיך פֿאַרלאָזן אויף א, י"". זן וועגן אַ מאַכטהאָבער בכלל. „מע דאַרף דאָך גיין צום שׂררה; ער איז טאַקע אַ רשע, אָבער א, י',,.

או'ליפּיק — דער. מצ נבֿ. 1iePek □Iו:□ < . היימישער מיטל קעגן הוסט, געמאַכט פֿוו

סאָק און בליטן פֿון ליפּענבוים. [מע פֿלעגט
א, קויפֿן אין אַפּטייק אָדער אויפֿקאַכן וואַסער
מיט קאַנדלצוקער, טרוקענע פֿײַגן און אויו
צוגעבן אַ קרײַטעכץ; דאָס וואַסער האָט מען
לעפּלעכערהייט געגעבן קינדער צום טרינקען
בײַ אַ פֿאַרקילונג אָדער אַ שטאַרקן הוסט.]
.]▯lia t]▯ ▯liae

או'ליצע — די, ־ס. < פּויל, וור, רוס. 1.
זײַטיקע גאַס. „אפֿשר ווילט איר וויסן וו▯ס עס
האָט זיך פֿאַרלאָפֿן? אויף דער פּאָליצייסקע א,
האָט זיך אַן אומגליק געטראָפֿן“, פֿל (בריסק).
„דער פּאָליציי▯מאַן איז געלאָפֿן אין בלויען
פֿאַרטאָג איבער אַלע אוליצעס“, מעצקער,
זיידנס פֿעלדער. 2. גאָר קליין און שמאָל געסל
(אין שטעטלעך פֿון ליטע און ווײַסרוסלאַנד).
3. דאָרפֿישע גאַס, וואָס איז צונויפֿטרעף־אָרט
פֿון דער יוגנט (< אוקר). 4. סתּם גאַס,
רוטיצ.

אוליק — אַדי. < האַלענדיש. (וועגן הערינג)
וואָס איז שטאַרק דורכגעזאַלצן, ווייך און
זייער פֿעט [אַמ מאַטיעס־הערינ▯]. אַן א'קער
הערינג.

אולי'קע — די, ־ס (געוויינטלעך במ). רוסיצ.

געריכטלעכער באַוויַיז פֿון שולד אין אַ
פֿאַרברעכן. בלוטיקע א'ס. „די א'ס...זענען אַפֿילו
ניט אַזוי וויכטיק אַז מע זאָל קאָנען
פֿאָרמשפּטן„, ייִפֿאָל, 47 1887, No־48.
אולם — דער. 1. [או'לאָם] ערשטער זאַל
אָדער פֿאָליש פֿון בית־המקדש ['והאולם על פּני

5()8

היכל הבית', מלכים א, ו, 3, אאַ]. „ווי אַזוי איז
חרובֿ געוואָרן דער א, און עס איז צעפֿירט
געוואָרן דער יסוד פֿון דער וועלט„, נ.
נ. הנובֿר, ספֿר שער צִיון, זשיטאָמיר 1849.
„בין האולם ולמזבּח [יחזקאל, ח, 16:...ובֿין
המזבּח] — צווישן דעם קלויסטער און די
קלייטן", שע, טבֿיה. 2. [אולאַם] אין מדינת
ישׂראל — (גרעסערער) זאַל פֿאַר פֿאַרזאַמלונג,
קאָנפֿערענץ. „אַ גאַנץ פֿיַינער א', אָבער ניט
גענוג גרויס פֿאַר דער פֿיַיערונג פֿון יום
העצמאות", י. מאַניק.
אולם — גנ. שטאָט אין ווירטעמבערג,
דיַיטשלאַנד, ביַים לינקן ברעג פֿון דוניַי. אַ ייִדישע
קהילה זינט 13. יה [לויט לעגענדע זיַינען
ייִדן דאָרטן שוין געווען אין דער לעצטער

תּקופֿה פֿון בית־שני] מיט אַ לאַנגער
געשיכטע פֿון רדיפֿות. אין 18. יה אַ גרעסערע
קהילה; אין 1858 — בלויז 261 ייִדן, 1905 —
613 ייִדן. [געבוירן־אָרט פֿון אַלבערט
אײַנשטיין]. אַרכ: אולמא.

או□מ — די, ־ס. פּפֿ: אולעס דער, ־ס.
ע

□

מעבוים,

מיץ — ← אָלמיץ.
או

אויך: או
דער, ־ביימער. הויכער
בלעטערבוים פֿון מין
Il□mus ו, ווערט אויך
גערופֿן קנופּבוים,
ווײַל די בלומען און
פֿרוכטן זײַנען אין
קנופּן. גיט אַ סך שאָטן.
זײַן האָלץ איז האַרט,
שווער צו שפּאַלטן און
ווערט ווייניק באַווירקט
פֿון וואַסער; דעריבער געניצט צו בויען שיפֿן,

בּרעגן פֿון האַפֿנס. „בײַ דעם א'בּוים איז
די פֿרוכט אַרומגענומען מיט אַ בּרייטן פֿליגל,
די בּלעטער בּײַ אים זײַנען פּונקט ווי בּײַ
דעם לינדנבּוים, האָבּן ניט קיין גלײַכע
עלפֿטן„, האָכבּערג, איבּז, אָטאָ שמייל, געוויקסן.
„איך זע ווי רחבֿותדיק עס שפּרייט די א,
אירע צווײַגן אויס“, א. אייסען, אַמעדיקאַנער,
11 ▯ 1959 I. „דאָרט אונטער רויטאולעם אַ
גאַניק און הויף“, עק. אַדי: ־דיק.
אולמע־פֿלאַטערל — דאָס, ־עך. מין
פֿלאַטערל (מיט ווײַסע, קאָמע־אַרטיקע פֿלעקן אויף
די אונטערשטע פֿליגעלעך) וואָס זײַנע
לאַרוועס זײַנען בּאזונדער צעשטערעריש פֿאַר די
בּלעטער פֿון אולמעבּוים. ־comma raPta ▯)
album.
אולניק — [ווייכע ל] דער, ־עס. וורר (
בּיאַליסטאָק און אומג'). < וור, ▯נ ▯ ▯ y = בּינשטאָק
[דער פֿלאַכער א, זעט אויס ווי סאָטן,
אַרויסגענומען פֿון בּינשטאָק]. 1. מאכל פֿון
געריבּענע קאַרטאָפֿל, מיט אייער און אַ בּיסל
רעטשענע מעל, מיט זאַלץ, ציבּעלע, פֿעפֿער,
געבּאַקן (אויף אַ פֿלאַכן בּעקן) מיט אָ סך
בּוימל. 2. פֿלאַכער קוכן פֿון רעטשענע מעל

(לאָקל סיסלאָוויטש, גראָדנער גובּ').
אולנע — די, ־ס. < איי < ל. (אַנאַטאָמיע)
איינער פֿון די צוויי עלנבויגן־בּיינער וואָס ליגט
אויף דער זײַט פֿון קליינעם פֿינגער.

אום

אולסטער — דער, ־ס. לאַנגער, לויזער
אייבּערמאַנטל (פֿאַר מענער און פֿרויען), געמאַכט
פֿון אַ מין וואָל, וואָס מע האָט אָנגעהויבּן
אויסצואַרבּעטן אין אולסטער, צפֿון־אירלאַנד.
אולסער, ־צער — דער, ־ס. < איי < ל.
מכּה, געשוויר אויף אַ לעבּעדיקן אָרגאַניזם
אָדער אין זײַן אינגעווייד (וואָס גיט אַרויס
אייטער). א'ס אין מאָגן. [אַמ: אָלסער]. אַדי:
־יש.
אולע — גנ. שטעטל פֿון פּאָלאָצקער וואַיע,,
אין פּוילן פֿון 18. יה. 1765 — 129 ייִדן;
אונטער רוסלאַנד געהערט צו וויטעבּסקער גובּ'.
1897 — 1'539 ייִדן. ,,אַפּולע איז אין א, און
אַ סך איז אין די הויזן“ פֿוול [ווען איינער
,
בּעט צו פֿיל].
אולעמאַ, — ־ס. < אַראַבּיש. 1. ד ע ר —

מוחמדאַנישער טעאָלאָג, קענער און
אויסטײַטשער פֿון די קאָראַן־געזעצן. 2. ד י —
גרופּע מוחמדאַנישע געלערנטע און
רעליגיעזע פֿונקציאָנאַרן מיט באַזונדערע
פּריווילעגיעס (אין טערקײַ).
אולענגאַלקע — די, ־ס. פּר. < פּויל.
קליינער מין באַרנע וואָס דאַרף לאַנג ליגן בּ□ז זי
ווערט ווייך.
אולפּן — [אולפּאַ'ן] דער, ־ים. עבֿרית, לאַקל
(מדינת ישׂראל). 1. שול □ו לערנען די
דערוואַקסענע עולים העבֿרעאיש. גיין זיך לערנען
אין א, דרײַ חדשים. 2. צימער פֿון וואַנען
עס ווערן איבערגעגעבן ראַדיאָ־אוידיציעס. אַ
נײַער מיקראָפֿאָן אין א,.
אולקוס — דער, ־ן. < איי < ל. 1. דזוו
אולסער ←. 2. יעדער מין געשוויר. ,,אין
רעזולטאַט פֿון דער באַשטראַלונג האָט אַ
העלפֿט קראַנקע געליטן פֿון ווייטיקלעכע א'ן“,
י□tראל־שטימע, 5 1959 III. א'־פּנים = בלאַס
אָדער געלבלעך אויסגעצערט פּנים [טיט אַ
חשד אַז דאָס קומט פֿון אַן א, אין מאָגן].
,,...מיט געשליפֿענע האַלבע ברילן, מיט אַן
א'־פּ,...אַ פּנים פֿון אַן אינטעלעקטואַל“, מ.

גראָסמאַן, היימיש, □־□י1961 I.

אולקע — די, ־ס. <?. (סטאָליערײַ, וואָלין)
הרבֿל מיט אַ שמאָלו קײַלעכדיקן אײַז□.
אויסצואַרבעטן קאַרניזן. געוויינטלעכע פֿ אָ קער.

אולקע — [ווייכע □] די. מצ נבּ < רוסיש.
(קאָלאָניעס, אוקר) מין זומערווייץ.

אולקעווען — טרוו. ־עווע, געאולקעוועט.
אוקר. באַאַרבעטן האָלץ (טיילן פֿון מעבל)
מיט אַן אולקע. א, דעם קאַרניז.

אום — דער (געוויינטלעך אָן אַן אַרטיקל), ־ען
(זן). צאָל וואָס איז ניט גראָד, ניט צו דער
פּאָר; צאָל וואָס טיילט זיך ניט אויף צוויי.
גראָד און א'; גראָד צי א', א, צי גראָד —
בײַ פֿאַרשיידענע שפּילן (מיט ניס, קנעפּלעך,
מטבעות אאַ). „ס'האָט אויסגעפֿעלט אַ מאַנצבֿיל
צו אַן אום, ווײַל אויבֿ די געסט זענען אַ
גראָד, איז עס אַ שלעכטער צייכן פֿאַרן נײַעם
יאָר„, באַש, פֿאָר, 19 XI 1960. „צו טרעפֿן
אין וועלכער האַנט האָט איינער גראָד און אין
וועלכער האַנט א'□ דער קלוגער קונצנמאַכער,
ווילנע 1879.

אום — פּרעפּ. Mh□: um(b□ be). אַרכ. אין
ריידשפּראַך פֿאַרבליבן בלויז אין לד, אין
אַנדערע בבֿ פֿאַרביטן געוואָרן אויף א י ן
[אום — אים — אין]. ווערט אַלץ מער
פֿאַרשטויסן אויך אין שרײַבשפּראַך.

1. ווײַזט אויף צ ײַ ט , באַטײַט: אין,
בשעת, אין דער צײַט פֿון. קומט געוויינטלעך
אין פֿאַרבינדונג מיט ייִדישע פּירונגען און
דינים בנוגע שבת אָדער יום־טובֿ ווי אויך פֿאַר אַ
דאַטע פֿון ייִדישן לוח. ״מע טאָר ניט טראָגן א,
שבת״ פֿאַר עסן חמץ א, פּסח קומט כרת,,.
— ,, .
,,א, ראָש־השנה האָט דער גרעסטער קבצן אַ
טראָפּעלע האָניק״, שוו. ,,א, חשוון מאַכט מען
חשבון,,, שוו. ,,איטלעכער משוגענער ווערט א,
תּמוז קלאָר״, שוו. ,,זאָגט ער א, ערבֿ שבת...״,
זרעים, לג/ב. ״מגילה לערנט די הלכות פֿון
מגילה לייענען א, פּורים״, פּיעט. ,,אַמאָל א,
חולהמועד סוכּות האָט געזען הרבֿ ר, גרשון אַז ער
לייגט ניט קיין תּפֿילין״, שבחי בעשט, יאַס
1843, פּרק י. ,,אַ גלעזעלע ווײַן א, יום־טובֿ צו
טרינקען איז בעסער ווי צו לייגן אַ לאַטע,,,

פֿל. „וואַרפֿן בוזיקעס א, תּשעה־באָבֿ“ פֿעטערע
-
„ ,
לאַטקעס א, חנוכּה“, ייִל. אַרכ און פֿטמ אויך
פֿאַר אַנדערע צײַט־באַגריפֿן. „א, מנחה־צײַט„,
קאַל ווב. „דער שווערסטער פעלץ איז א,
ווינטער גרינג, דאָס גרינגסטע העמך איז א, זומער
שווער“, שוו. „אַ טרונק בראַנפֿן וואַרעמט א,
ווינטער און קילט א, זומער“, שוו. „אַז מע
זינגט א, זומער, וויינט מען א, ווינטער„, שוו.
“א, מיטן דר נכט שנייט ער אים אָפּ דעם קאַפּ„,
שי, כז/א. „[די מערעשקע] גרייט זיך א, זומער
איר פרנסה, טראָגט צום הויף [= צונויף]
אומשניט [= אום שניט] איר באַדערפֿעניש“, מס,
משלי, תּקע״ד, ל, 25. „ווי שניי א, זומער און
ווי רעגן אין שניט„, תּי, משלי, כו, 1. „א,
מאָנטיק זענען געקומען די פּוחזים אונטער
שטאָט“, מע ה אומן. „די וואַסערן זײַנען אין
דעם אַנדערן טאָג ניט רעכט באַשאַפֿן געוואָרן,
נײַערט א, דריטן טאָג“, צור, בראשית. „א,
פֿרײַטיק, אַזייגער צוועלף בײַטאָג, בין איך
אָנגעקומען צום רבין“, ייִל.

2. אַרכ. ווײַזט אויף געלט בײַם קויפֿן
עפּעס פֿאַרבײַט פֿ אַ ר. „קויף מיר א, איין
,

גילדן איין פֿיש“, ב, כ/א. „איין שנײַדער
פֿון יהודים, דער האָט מיר אַ פֿיש
אויסגעקויפֿט א, צוועלף גילדן„, צור, בראשית. אויך
פֿאַר אַ וואָרט וואָס פֿאַרבײַט דעם קאָנקרעטן
פּרײַז. „א, וויא פֿיל ווילשׂטו געבּן דאשׂ? א,
אַזוי פֿיל“, tב. 3. ספּעצ בײַם (פֿאַר)קויפֿן אַן
עליה אין שול (אויך אַ פּסוק פֿון אַתּה־הראית,
פּתיחת־הארון, בײַ יעדער ליציטאַציע פֿאַר דער
מצווה, דעם כּבֿוד). א ו ם איז דאָ פֿאַרבּליבּן ווי
אַ פֿעסטער אײַנפֿיר....גילדוי'ן א, ששי; דרײַ
מאָל ח„י א, מפֿטיר אאַזוו. „אַכצן גילדוין א,
שלישי„, ייִל. „ער קוקט מיטן אייגל און זינגט:
אַכצן גילדוין א, כּהן„, שע פֿונעם אַריד.

4. אַרכ. קומט אַנשטאָט פֿ אַ ר , וואָס ווײַזט
אויף קאָמפּענסאַציע אָדער סיבּה. „ער מוז היטן
די שאָף א, דאָס בּרויט„, צור, ויצא. „דערום
זאָל מען נעמען געלט א, דרײַ בּאַלקן [וואָס ער
האָט געגזלט]„, צור, ויקרא. „(ואתּן) אונ, איך
האבּ געבּין צו אײַך איין לאַנד דז דוא דיך ניט
גימיאט האשׂט א, איר„, סהמ, יהושע. אונ,

ער לובֿט הקבּ״ה גלײַך אַזו וואול א, דשׂ בּייז
אַז א, דשׂ גוט״, לט1, הקדמה. „ער ווערט א,
דשׂ געלט איין ווײַבֿ נעמן״, דאָרטן, קז/א.
5. ווײַזט אויף דער מדרגה, בּיז וואָסער
מאָס, בּיז וואָסער גראַד. א, וואָס גייט עס
אײַך? עס גייט דאָך א, אַ גאָרנישט מיט אַ
נישט. „דורך אַ הורישער נקיבֿה קומט מען א,
אַ שטיקל בּרויט״, מס, משלי, תּקע״ד, ו, 26
[תּי: „בּיז אַ לעבּל בּרויט״]. „נאָר מײַן
סיטואַציע איז דורך דער זענדונג ניט א, אַ סך בּעסער
געוואָרן״, נ. בּירנבּויס, ייִבּל ◻ 1 ,X-2. *א, לעבּן
= בּיז אַוועקנעמען (אַוועקגעבּן) דאָס לעבּן.
„עס גייט א, זײַן לעבּן„, מס, משלי, ז, 23 [תּי:
„עס איז א, איר לעבּן״ — „כּי בְּנַפְשׁוֹ הוא'].
שׂונאים א, לעבּן״, תּי, תּהלים, יז, 9 — 'איבַי
בּנפֿש'. „בּאָרגט מיר אויף די קאַפּאָטע 2 רובּל...
וואָרעם איך דאַרף זייער נייטיק האָבּן, עס גייט
מיר פּשוט א, לעבּן„, א. מאַרגאָליס, די
געהיימניסע..., וואַרשע 1882.
6. קומט אַנשטאָט אַ ר ו ם (אויך כּדי
אויסצומײַדן צוויי מאָל אַ ר ו ם , קען דאָס
ערשטע מאָל זײַן — א ו ם) „מע קען אים א,

אַ פֿינגער אַרומוויקלען,, [= טאָן מיט אים וואָס מע וויל, גרינג אָפּנאַרן אָדער איַינרעדן], פֿוול. ,,און, עשׂ וואַר דר וויַיל דז זיא זאסין א, דעם טיש, און, עשׂ וואַר דיא זאָג גאָטשׂ צו דעם [נבֿיא שקר]", סהמ, צח/א. ,,און מיַיז טונין א, אונז לויפֿן", ,בחורים ליד', פֿפֿדמ 1750 [ויִבֿל XIII]. ,,דער ניקשׂ צו טון האָט שטעלט זיך אין דער גאַשׂ...מאַכט איין רעדל א, זיך אַרום", לט1, ד/א.

7. וויַיזט אויפֿן פּעריאָדישן איבערהופּן אַ באַשטימטע ציַיט, אַנשטאָט א י ב ע ר. קומען אַ יאָר א אַ יאָר. "די צווייטע וואָך האָב איך

,

שוין געקנעלט ביַי די באַלעבאַטים אין דער היים. עס איז געבליבן אַ וואָך א, אַ וואָך", פּרץ, 'עלנט'.

8. וויַיזט אויף צ י ל אָדער סיבה. אַנשטאָט צ ו ל י ב , א י ב ע ר אאַ. ,,ער וויינט ניט א, אין, און טוט אַך קיין קריעה א, אין רייַסן, ער טרייַבט קיין אַבֿילות א, אין, קיין שבֿעה אַך קיין שלשים ניט", משה איַיזענשטאט איבז, דרך הישר לאבֿן בוחן, [אָרט?] 1746. ,,ווער איינם דינט...א, פֿיל אודר א, וויניג...איז צום אלשׂ גוטס זוכה", ר, יעקבֿ בר, מתּתיהו איבז,

תּם וישר פֿיורדא 1768. „און איז מכבּד אַפֿילו

,

דען רײַכן א, זײַן געלט מכּל־שכּן אום זונשׂט, דשׂ היישׂט מכניס אורחים„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „אָ מײַנע טײַערע עלטערן, עס טוט מיר פֿיל מער לײַד א, אײַך אַלס א, מיך", אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878.

9. ארכ. קומט אַנשטאָט אַן אַקוז אָן אַ פּרעפּ. „ער בּיט איהם א, איין סיוע„ [= הילף], ' בּחורים ליד, פֿפֿדמ 1750 [ייִבּל XIII]. געבּליבּן פֿטמ אין לר. בּעטן א, הילף.

← אום — האַלבּן; ← אום ווילן; ← אום — וועגן.

10. אַרכ. אַנשטאָט מ י ס. „דאז דער זעלבּיר בּן אדם זײַן שאטין נימר זעהן קאַן [הושענא רבּה] איזט שון גאַנץ שלעכט א, אים", אַריה ליבּ בּר, יהודה זעלינמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725.

אום,־.

11 פֿטמ. אַנשטאַט אָ ן. „דשׂ וואַשׂר מוז

.

פֿאָרט אין היישן זידן א, אוף הערונג", עפּש,

דרך הישר לעולס הבֿא, שקלאָוו 1796. „ווער האָט אַזוי פֿיל וואַסער אין יענעם שטיין אַרײַנגעלאָזט, אַז גאָר א, אַן אָפּשטאַנד רינט עס אַזוי פֿיל?‟, דאָס איינאינאיינציגע קינד, איבֿז, לובֿלין 1877.

12. אַרכ. אַנשטאָט ג ל ײַ ך נ אָ ך. „מן עשׂ זאָגט אוף די ישובֿים איין פּסוק א, דען אַנדרן‟, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, שקלאָוו 179□.

אום — קאָניונקציע. M□d: um. אַרכ (אין הײַנטצײַטיקן ייִדיש: אָדער מיט אַרכ בֿײַטעם אָדער דטשמ). קומט אין אויסגעבֿרייטערטע און צונויפֿגעזעצטע זאַצן און ווײַזט אויפֿן צ י ל. דזוו כּ ד י. [פֿרגל: אום כּדי]. „אַזו ציכט דאָך קיינר אין פּולין א, געלט פֿון דאָרטן צו הולן‟, אַשכּנז. „עשׂ איז איין מעכטיג געטליך ספֿר פֿאַר אַלי מענשן א, דרין צו לייאנן גלײַך איר עשׂ בֿיפֿינדן ווערט„, שער־בֿלאַט, יוסף מאַרשן איבֿז, יהושע בּן סירק [= סירא], אַמשט 1712 [ייִבֿל 5 ,XIII־6]. „זולכי [חכמה] צו ערלערנין...א, נור קיין נאַר צו זײַן‟, ספֿר מבחר הפּנינים, הומבֿורג תּצ„ט. „ער איז דאָס ווערט געוועזן, א, דאָס ער זאָל זאָלכע זאַכן מער ניס טאָן‟, ל אָנדאָר, נײַער בֿש, ווילנע 1844. „גאָר

זאַט נישט געקענט זיך...אָנהוליען א, זיך נוקם
צו זײַן פֿאַרן גאַנצן יאָר“, ייִל. „א, דאָס מבֿאר
צו זײַן האָט ער גערעדט אין דעם
הפֿרשהמהותי פֿון כּוחות וחושים“, לדבֿ.
אום, אומ־ — קאָנווערבֿ (פֿאַרבונדן אין אינפֿ
און פֿאָר, באַזונדער און נאָכן שטאַם פֿון ווערבֿ
אין אימפּ און איצ). M d: um(be). [אָפּט אין
לד און וורר, זעלטענער אין פּד.] גיט צו
עטלעכע בבֿ דעם שטאַם פֿון ווערבֿ. 1. ווײַזט
אַז די טואונג קומט פֿאָר אַ לענגערע צײַט אָדער
פֿון צײַט צו צײַט (אויך אין אַ צאָל פֿאַלן —
פֿון אָרט צו אָרט). למשל: אומגיין,
אומוואַנדערן, אומזוכן, אומטאַנצן, אומטראָגן,
אומלויפֿן, אומפֿירן, אומשפּרינגען אאַזוו.
2. באַטײַט: ווידער פֿונדאָסנײַ, אויף אַ נײַעם
,
שטייגער, דזוו דער קאָנווערבֿ א י בֿ ע ר.
למשל: אומאַנדערשן, אומאַרבעטן, אומבויען,
אומבינדן, אומדרייען, אומטוישן אאַזון.
3 פֿאַרבײַט און איז גלײַכווערטיק מיט דעם
.
קאָנווערבֿ אַ ר ו ם. למשל: אומבינדן,
אומהענגען, אומלויפֿן, אומפֿאָרן, אומפֿליִען,

אומקוקן זיך, אומשלעפּן זיך אאַזוו.

4. איז לויטן באַטײַט ענלעך צו די קאָנווערבן א ײַ ן און אַ נ י ד ע ר און ווײַזט אַז די טואונג איז דורכגעפֿירט ביזן סוף. למשל: אומוואַלגערן, אומוואַרפֿן, אומפֿאַלן אאַ.

5. קען אינגאַנצן בײַטן דעס באַטײַט לגבי דעם באַטײַט פֿון שטאַם. למשל: אומברענגען, אומקומען, אומקערן אאַ.

ד אַנדערע בב און די קאָמבינאַציעס פֿון
י

באַטײַטן □. אומבינדן, אומגיין, אומדרייען) זען אין די ווײַטערדיקע ווערבן.

אומ־ — פּרעפֿיקס. un: □ □M (um נאָר פֿאַר ליפּנקלאַנגען). זיך מערקן: אין ייִדיש בלויז אומ־, קיינמאָל ניט „אונ־“, וואָס איז דטשמ. קומט מיט אַדיעקטיוון (אויו פּאַרטיציפּן),

אַדאו״ס

ווערבן און סובסטאַנטיוון. גרונטבאַטײַט: נ י ט.

א) זייער אָפֿט מיט אַדיעקטיוון, וואו עס איז כמעט תּמיד מעגלעך צו האָבן אַ נײַע פֿורעמונג דורך צוגעבן אומ־ צום אַדיעקטיוו (ספּעצ, ווען עס איז דאָ דער סופֿיקס — ־לעך; ווען

דער אַדיעקטיוו איז אַ לענגערער, פֿון דער קולטורשפּראַך; ווען דער שטאַם איז אַן אינטערנאַציאָנאַליזם אָדער דאָס גאַנצע וואָרט איז אַן אינטערנאַציאָנאַליזם. זעלטענער טרעפֿט זיך בײַ איינטראַפֿיקע אָפֿטע אַדיעקטיוון). אומ־ קומט אויך פֿאַר (ווערבאַלע) פּרעפֿיקסן, למשל: אומאַנטוויקלט, אומבאַשטעטיקט, אומגעמאָלדן, אומדערטרעגלעך, אומפֿאַרמעגלעך, אומצעטיילִיק.

ס'רובֿ איז די נעגאַציע אַ פֿולע און עס שאַפֿט זיך אַן אַנטאָנים צום אַדיעקטיוו אָן אומ־, למשל: אָפּהענגיק — אומאָפּהענגיק, באַגרײַפֿלעך — אומבאַגרײַפֿלעך, באַגרענעצט — אומבאַגרענעצט, צופֿרידן — אומצופֿרידן אאַזוו; אוממאָראַליש, אוממוזיקאַליש, אומסימפּאַטיש, אומפּאַרטייאיש, א ו מ פּראַ ק ט יש, אומפּראָדוקטיוו אאַזוו; אומקולטורעל, אומקאָנסעקווענט אאַזוו. די ווערטער מיטן פּרעפֿיקס אומ־ וואָס שאַפֿן אַ פֿינקטלעכן אַנטאָנים צו די ווערטער אָן אומווערן ווײַטער פֿאַרצייכנט, אָבער זיי ווערן ניט ברייט אויסגעטײַטשט.

אין אַ צאָל פֿאַלן איז די נעגאַציע ניט קיין פֿולע, למשל: אומצײַטיק = ניט־אינגאַנצן צײַטיק, צווישן צײַטיק און ניט־צײַטיק, הגם אַ סך נעענטער צום נעגאַטיוון פּאָלוס; אומאָנגעטאָן

= ניט־געניוג אָדער ניט־פּאַסיק אָנגעטאָן, אָדער
איידעלער ווי נאַקעט, אאַ. די אַלע פֿאַלן ווערן
ווײַטער אויסגעטײַטשט.

ווען אומ־ קומט צו צו אַ פּאַרטיציפּ וואָס
הייבט זיך אָן מיט אַ קאָנווערב, איז דער
באַטײַט אָפֿט: ניט דורכגעפֿירט ביזן סוף.
אומאויסגעזויגן = ניט אויסגעזויגן ביזן סוף;
אומאָפּגעקאָכט = ניט־אָפּגעקאָכט ביזן סוף,
אאַזוו.

אומ־ קען אויך האָבן פֿאַרשיידענע אַנדערע
ניואַנסן פֿון דעם גרונטבאַטײַט. למשל:
אומגעדאַוונט = נאָך ניט געדאַוונט, אומגעגעסן =
נאָך ניט געגעסן; אומגעזונט = ניט גוט פֿאַרן
געזונט; אומפֿאַרשעמט = וואָס מע קען
גאָרניט פֿאַרשעמען, חוצפּהדיק אאַ. פֿאַראַן
אַדיעקטיוון וואָס אָן אומ־ טרעפֿן זיי זיך אַ סך
זעלטענער ווי מיט אומ־, און אויך אַזעלכע וואָס זײַנען
בכלל ניט מעגלעך, ניט בנמצא אָן דעם
פּרעפֿיקס. למשל: אומאויפֿהערלעך, אומבאַהאָלפֿן,
אומברחמנותדיק, אומגעלומפּערט אאַ.

ב) בײַ אַדוו ווי בײַ אַדי, און אויך בלויז
בײַ אַדוו מיטן סופֿיקס ־ערהייט, למשל:
אומגעגעסענערהייט, אומגעפֿרעגטערהייט אאַ (־ פּעצ
אין לד).

ג) אָפֿט בײַ סובסטאַנטיוון וואָס קומען פֿון אַדיעקטיוון מיט אומ־, למשל: אומאָפּהענגיקייט, אומבאַגרענעצטקייט, אומצופֿרידנקייט, אומדערגרייכלעכקייט, אומסימפּאַטישקייט, אומקולטורעלקייט אאַזוו, און אין אַ באַגרענעצטער מאָס מיט אַלע אַנדערע סובסטאַנטיוון, ספּעצ אַזעלכע וואָס באַשטייען בלויז פֿון שטאַם (אָן פּרעפֿיקס אָדער סופֿיקס). דאָ קען די נעגאַציע זײַן אַ פֿולקומע, אַ טיילווײַזע אָדער דער אומ־ גיט צו פֿאַרשיידענע ניואַנסן און בײַבאַטײַטן. דוגמאות:

51()

אומאמת = אַן אייפֿעמיזם פֿאַר ליגן אָדער ניטפֿולער אמת; אומגליק = אַ סך ערגער ווי דאָס פֿעלן פֿון גליק; אוממענטש — אַ מענטש ניט

- ▯

אין אַ גענוגנדיקער מדרגה; אומגאָט = גאָרניט קיין גאָט אאַ. זיי ווערן אַלע ווײַטער אויסגעטײַטשט. אומ־ קען אויו בײַ סוב באַטײַטן אַרוס, למשל: אומגעגנט, אומקרײַז, אָדער האָבן גאָר אינגאַנצן אַן אַנדער באַטײַט לגבי דעם וואָרט אָן אומ־, למשל: אומשטאַנד. [אין די

ווערטער פֿון דעם טיפּ: אומבּייג, אומדריי,
אומקום אע איז ניטאָ דער פּרעפֿיקס אומ—; די
ווערטער זײַנען געשאַפֿן פֿון ווערבֿן מיט דעם
קאָנווערבֿ א ו ם].
א"ם, אום — די. ר,,ת פֿון אומות מאוחדות,
די אָרגאַניזאַציע פֿאַראייניקטע פֿעלקער (
נאַ,,
ציעס),,. דזוו יו־ען. געניצט אין ייִד, פּרעסע פֿון
א"י. ,,בײַ דער זיצונג פֿון דער א,,,; ,,די א,
האָט בּאַשלאָסן" אאַזוו.
אומא — די, ־מות. < רמבּס, ,שחיטה', יא.
(בײַ שוחטים און קצבֿים) אונטערשטער און
גרעסטער אָפּצווײַג פֿון די לונגען (בײַ
בּעליחיים) פֿאַראַן אַ רעכטע און אַ לינקע א,. [אויבֿ
.
די רעכטע א, איז גרעסער פֿון דער לינקער —
איז די בּהמה טריף. ווען בּיידע א'ות זײַנען
גלײַך און דער הפּסד ממון גרויס, איז מען
פּוסק לקולא, מלה חדשה, סכו]. ← אונא.
בּיי אַלע ווײַטערדיקע ווערטער
— ־.
מיטן פּרעפֿיקס אומ—, וואָס זיי
לון דואָרט

ווערן ניט או

יסג טײַטשט,

—— ——

געפינען באַט .ט

אָן דעם פּרעפיקס.

אומאַבאָנירט — אַדי. ← אַבאָנירן.

ניטאַבאָנירט. א'ע זשורנאַלן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאַבזיכטלעך — אַדי. דטשמ. נר. ניט
בכיוון, ניט־ווילנדיק; אָן אויסרעכענונג. ,,אין
פֿאַל פֿון אַן א'ן אויפֿרײַס פֿון אַן אַטאָמישן
וואָפֿן,,, טמז, 1963 III 19.

או'מאָביעקטי'וו — אַדי. ← אָביעקטיוו. א'ער
צוגאַנג ־קייט.

.

אומאָבליגאַטאָריש — אַדי. ←
אָבליגאַטאָריש. א'ער דינסט. ־קייט.

או'מאָבליגי'רט — אַדי. ← אָבליגירן. וואָס
מען איז ניט מחויבֿ (צו טאָן, צו צאָלן אע).
י. מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תקל,,ד ־קייט.

.

או'מאַבנאָרמאַ'ל — אַדי. ← אַבנאָרמאַל.
,,צו נאָרקאַלקייט איז עס נאָך ניט דערגאַנגען,
עס איז אָבער א',,. ־קייט.

אומאַבסאָלווירט — אַדי. ← אַבסאָלווירט.

וואָס איז ניט באַפֿרײַט פֿון זינד (לויטן קאַטוילישן פֿיר). אָוועק פֿון גלח א'. ־קייט.
או מאַבסאָלו'ט — אַדי. ← אַבסאָלוט. א'ער

אמת. ־קייט.
אומאַבסאָרבירט — אַדי. ← אַבסאָרבירן. א'ע פֿליסיקייט ־קייט.

.

או'מאָבסטרוקטי'וו — אַדי. ← אָבסטרוקטיוו. א'ע מיטלען.
אומאָבסטרוקטירט — אַדי. ← אָבסטרוקטירן. אומגעשטערט. „אַ פֿרײַער, א'ער דורכגאַנג און איבערגעבּ„, היימיש, אַפּריל 1958.
או'מאַגאַ'ל — אַדי. ← אַגאַל, אַדי. פּפֿ:

אומאויטאָנאָמיש

~עגאַל. אומגלײַך. א'ע שיך. א'ע סיטואַציע. ־קייט.
או'מאַגרעסי'וו — אַדי. ← אַגרעסיוו. א, און שעמעוודיק. ־קייט.
אומאַדאָפּטירט — אַדי. ← אַדאָפּטירט. א'ע יתומים.

אומאַדוואָקאַטיש — אַדי. ← אַדוואָקאַטיש.
אויך: וואָס פּאַסט ניט פֿאַר אַן אַדוואָקאַט. א'ע
אויפֿפֿירונג.
או'מאַדעקוואַ'ט — אַדי. ← אַדעקוואַט. „דער
טערמין רעליגיע...איז א', ווען עס קומט צו
ייִדן“, לל, איק, ר“ה תשכ„ה ־קייט — „
בּאַ.
גרענעצטקייט פֿון דעם דאָזיקן פֿאָרשמעטאָד,
מעגלעך אויך אויף זײַן א'“, לל, ייִבֿל 2 ,XXXI.
אומאַוואַנטוריש — אַדי. ← אַוואַנטוריש. „די
כלומרשט־געפֿערלעכע נסיעה איז דורך גלאַט,
א'“. ־קייט.
אומאַוואַנסירט — אַדי. ← אַוואַנסירן. וואָס
איז ניט געגאַנגען פֿאָרויס, האָט ניט
פּראָגרעסירט, איז ניט געשטיגן. א'ע אַרמיי. אַ
צוריקגעהאַלטענע, א'ע אַנטוויקלונג. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומאַוועקגעגאַנגען — אַדי. ל2. ←
אַוועקגעגאַנגען. וואָס איז אָן אַן אויסוועג, וואָס מע
קען פֿון דעם ניט אַוועקגיין. א'ע שווערע לאַגע.
אומאַוועקגעגעבֿן — אַדי. ← אַוועקגעגעבֿן.
א'ענע חובֿות. א, געלט.
אומאַוועקגעכאַפּט — אַדי. ← אַוועקגעכאַפּט.
אַן א'ע מציאה.

אומאַוועקגעלייגט — אַדי. ← אַוועקגעלייגט.
די א'ע פּאַפּירן.
אומאַוועקגענומען — אַדי. ← אַוועקגענומען.
א'ע זאַכן.
אומאַוועקגערויבּט — אַדי. ←
אַוועקגערויבּט. עטלעכע א'ע חפצים.
אומאַוועקגעריסן — אַדי. ← אַוועקגעריסן.
„מיר זײַנען געבּליבּן א, פֿון דער אַלטער היים“,
רייד.
אומאַוועקגעשאָנקען — אַדי. ←
אַוועקגעשאָנקען. א'ע אַלטע מלבּושים.
אומאַוועקגעשטעלט — אַדי. ←
אַוועקגעשטעלט. „עס וואַלגערן זיך אויפֿן דיל די א'ע
בּיכער“, רייד. ־ערהייט — אַדוו.
אומאַוועקגעשראָקן — אַדי. ←
אַוועקגעשראָקן. א'ענע אָנפֿאַלערס.
אומאַוועקנעמיק — אַדי. נעאָל. ←
אַוועקנעמיק. וואָס מע קען ניט אַוועקנעמען; וואָס מע
קען ניט פֿאַרלייקענען. א'ע מעלות. ־יקייט.
אומאויבּנאויפֿיק — אַדי. ← אויבּנאויפֿיק.
א'ע בּאַמערקונג. ־יקייט.
אומאויטאָמאַטיש — אַדי. ← אויטאָמאַטיש.
אַ בּאַטראַכטע, אַן א'ע האַנדלונג. א'ער
אַרבּעטפּראָצעס. ־קייט.

או'מאויטאָנאָ'ם — אַדי. ← אויטאָנאָם. א'ע
פראָווינץ. ־קייט.
אומאויטאָנאָמיש — אַדי. ← אויטאָנאָמיע.
וואָס איז ניט אויפֿן יסוד פֿון אַליין־
באַשטימונג. "דאָס איז אַ זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע,
אָבער מיט אַן א'ן בודזשעט וואָס די רעגירונג
דאַרף באַשטעטיקן" ־קייט.
·

אומאויטאָריזירט

אומאויטאָריזירט — אַדי. ← אויטאָריזירן.
א'ער באַפֿעל ־קייט.
·
אומאויטאָריטעטיש — אַדי ←
אויטאָריטעט, די. א'ע מיינונג. ־קייט.
אומאויטענטיש — אַדי. ← אויטענטיש.
א'ער דאָקומענט. —קייט.
אומאויסבאַגיילעך — אַדי. נעאָל. אאר. דזוו
אומבאַגיילעך ←.
אומאויסבאַלאַנסירט — אַדי. ←
אויסבאַלאַנסירט. א'ע באַשפּײַזונג. ־קייט.
אומאויסבלײַבלעך — אַדי. וואָס קען ניט
בלײַבן אויסן, מחוץ. "דער ייִדישער משיח

קומען ווערט א'“, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע□זות II, סאַטמאַר תּרל“ב. ־קייט.

אומאויסבּלייכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. „אויסמאָלן מיט דרייסטע א'ע פֿאַרבּן די פּאָרטרעטן פֿון יענע מײַסטערס פֿון פֿרײַהייטלעכן סאָציאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק„, א. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל“אַ 1957.

אומאויסבּלייכIיק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט אויסבּלייכן, פֿאַרווישן. א'ער קאָליר. ־(י)קייט.

אומאויסבּעסערלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט אויסבּעסערן. אַן א'ער כאַראַקטער. ־קייט.

אומאויסבּראַקירט — אַדי. ← אויסבּראַקירן. א'ע סחורה, מוסטערן. א'ע נאָוואָבּראַנצעס. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסבּרוקירט — אַדי. ← אויסבּרוקירט. א'ע גאַסן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגלײַכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.

אומאויסגלײַכ□יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט אויסגלײַכן; דערפֿירן צו אַ פּשרה, אויסגלײַך, דורכקום. א'ע שטאַבּעס. א'ע צדדים. ־(י)קייט.

אומאויסגעאָטעמט — אַדי. ←
אויסגעאָטעמט. א'ע לופֿט.

אומאויסגעאיידלט — אַדי. ← אויסגעאיידלט.
„די פּשוטע, א'ע, אין דחקות פֿאַרגרעבטע
שיכטן פֿון פֿאָלק“, ימ, ייִשפּ, XXI, 2 ־קייט.

.

אומאויסגעאַרבּעט — אַדי. ←
אויסגעאַרבּעט. א'ע סחורה. א'ער פּראָיעקט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.

אומאויסגעבּאַקן — אַדי. ניט אינגאַנצן
אויסגעבּאַקן. „מע זאָל נישט עסן קיין הייס בּרויט,
און נישט קיין א, בּרויט„, טאַרלער רבּי, סגולות
ורפֿואות, [לאָדז, 1910?]. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומאויסגעבּויגן — אַדי. ← אויסגעבּויגן.
גלײַכע, א'ענע שטאַבּעס, רוקנס. ־ערהייט
— אַדוו. ▯קייט.

אומאויסגעבּויט — אַדי. ← אויסגעבּויט.
א'ע שלעסער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויסגעבּיטן — אַדי. ← אויסגעבּיטן.
א'ענע אַסיגנאַציעס, רענדלעך. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.

אומאויסגעבּילדעט — אַדי. ←
אויסגעבּילדעט. א'ע יוגנט. ▯קייט.

אומאויסגעבּלויזט — אַדי. ← אויסגעבּלויזט.
א'ע בּריסטן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעבּליט — אַדי. ← אויסגעבּליט.
פֿאַרדאַרטע, א'ע בּיימעלעך. ־קייט.
אומאויסגעבּעט — אַדי. ← אויסגעבּעט.
א, געלעגער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעבּעטן — אַדי. ← אויסגעבּעטן.
קריגן עפּעס א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעבּרייטערט — אַדי. ←
אויסגעבּרייטערט. א'ע פֿולמאַכטן. ־ערהייט —אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעבּרענט — אַדי. ← אויסגעבּרענט.
א'ע שײַטן האָלץ. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעגאַזט — אַדי. ← אויסגעגאַזט.
„איך בּין פֿון דער קליינער צאָל א'ע“, רייד.
אומאויסגעגאָסן — אַדי. ← אויסגעגאָסן.
ניט־אויסגעגאָסן. א'ענע צעבּערס רעגנוואַסער.
א'ענע פּאָמעשאַפֿן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעגליט — אַדי. ← אויסגעגליט.
א'ע קוילן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעגלײַכט, ־גליכן — אַדי. ←

אויסגעגלײַכט, ~געגליכן. א'ער חשבון. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעגעבן — אַדי. ← אויסגעגעבן. א, געלט. א'ענע טאָכטער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעגעסן — אַדי. ← אויסגעגעסן. א'ענע פּוטערס.
אומאויסגעגראָבן — אַדי. ← אויסגעגראָבן. א'ענער אוצר. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעדאַכט — אַדי. ← אויסגעדאַכס. א'ע סכּנה.
אומאויסגעדונגען — אַדי. ← אויסגעדונגען. א'ע פּונקטן אין אָפּמאַך. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעדינט — אַדי. ← אויסגעדינט I. א'ער סאָלדאַט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעדראָשן — אַדי. ← אויסגעדראָשן. א'ענע תּבֿואה. א'ענע טענות. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעדרוקט — אַדי. ← אויסדרוקן. ניט־אויסגעדרוקט; ניט־אויסגעזעצט. א'ע (אַפּישן), פּלאַקאַטן. א'ע שפּאַלטן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעדריקט — אַדי ← אויסגעדריקט. א'ע פּירות. א'ע געפֿילן. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.
אומאויסגעהאַלטן — אַדי. ← אויסגעהאַלטן.
א'ענער כאַראַקטער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט — „צווייטנס, איז מײַן א, אין אָט דעם
פּרט ניט אָן אַ סיבה„ פֿאָר, 9 III 1964.

אומאויסגעהאָרכט — אַדי. ←
אויסגעהאָרכט. א'ע טענות. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעהוילט — אַדי. ← אויסגעהוילט.
א'ער בוים. ־קייט.
אומאויסגעהיילט — אַדי. ← אויסגעהיילט.
א'ער חולה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעהייצט — אַדי. ← אויסגעהייצט.
א'ע אויוונס. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעהשבונט

אומאויסגעהערט — אַדי. ← אויסגעהערט.
א'ע עדות. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעוואַקסן — אַדי. ← אויסגעוואַקסן.
א'ענע תּבֿואה. א'ענע קינדער. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעוואַרעמט — אַדי. ←
אויסגעוואַרעמט. א'ע גלעגערס. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.
אומאויסגעוואָרצלט — אַדי. ←
אויסגעוואָרצלט. א'ע שלעכטע מידות. א'ער טייל פֿון דער יוגנט. ־קייט.
אומאויסגעוואַשן — אַדי. ← אויסגעוואַשן.
א'ענע גלעזער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעווײַלט — אַדי. ← אויסגעווײַלט.
א'ער קאַנדידאַט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעוויינט — אַדי. ← אויסגעוויינט.
א'ע טובֿה.
אומאויסגעווייקט — אַדי. ← אויסגעווייקט.
א, פֿלייש = פֿלייש וואָס האָט זיך געווייקט ווייניקער ווי אַ פֿולע האַלבע שעה. ־ערהייט — אַדון.
אומאויסגעווירקט — אַדי. ← אויסגעווירקט.
א'ער דרוק.
אומאויסגעווישט — אַדי. ← אויסגעווישט.
א'ע גלעזער, טעלער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעוועלגערט — אַדי. ←
אויסוועלגערן. א'ע שטיקער טייג. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעזאָגט — אַדי. ← אויסזאָגן. א'ער סוד. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעזאַלצן — אַדי. ← אויסגעזאַלצן.
א, פֿלייש = פֿלייש וואָס איז בײַם כּשרן געווען

אַ פֿולע ה ־ערהייט

.

— אַדוו. פפֿ: ~או
באַזאַלצן ווייניק
יסנעזאַ צט.
ער ווי

אומאויסגעזויגן — אַדי. ← אויסגעזויגן.
„איין ברוסט איז געבליבן א'„, רייד. ־
ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעזוכט — אַדי. ← אויסגעזוכט.
א'ע היילמיטלען. א'ע אוצרות.
אומאויסגעזונגען — אַדי. ← אויסגעזונגען.
א'ע לידער. ־קייט.
אומאויסגעזייגט — אַדי. דזוו
אומאויסגעזויגן. ריכטיקע, א'ע סענסאַציע. ־ערהייט —
אַדוו.
אומאויסגעזײַערט — אַדי. ← אויסגעזײַערט.
א'ע קרויט. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעזיפּט — אַדי. ← אויסגעזיפּט.
א, מעל. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעזעסן — אַדי. ← אויסגעזעסן.
וואָס איז געבליבן אויסגעזעסן ניט ביזן סוף.
א'ענע שטראָף. ־ערהייט — אדוו.

אומאויסגעזעצט — אַדי. → אויסגעזעצט.
א'ער מאַנוסקריפּט. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעהקירהט — [...כקירע▯] אַדי. →
אויסגעחקירהט. וואָס בײַם אויסחקירהן האָט
מען ניט דערגרייכט צו אַ באַפֿרידיקנדיקן
אויספֿיר. א'ער ענין ־קייט.

אומאויסגעהשבונט — [...כעזשבנט] אַדי.
→ אויסגעחשבונט. א'ע פּראָפֿיטן. ־קייט.

אומאויסגעטאַנצט

אומאויסגעטאַנצט — אַדי. → אויסגעטאַנצט.
1. וואָס איז ניט געוואָרן אויסגעטאַנצט. 2. וואָס
האָט זיך ניט אויסגעטאַנצט. „איך בין אַוועק
פֿון באַל אַן א'ע, אַן אומצופֿרידענע“, רייד.
־ערהייט — אַדוו. איבעררײַסן דעם וואַלס א'.

אומאויסגעטאָקט — אַדי. → אויסגעטאָקט.
אַן א'ער סטיל ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומאויסגעטונקט — אַדי. → אויסגעטונקען.
א'ער הערינג.

אומאויסגעטײַטשט — אַדי. →
אויסגעטײַטשט. א'ע פּסוקים. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.
אומאויסגעטיילט — אַדי. ← אויסגעטיילט.
א ע פּראָדוקטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעטענהט — [...טײַנעט] אַדי. ←
אויסטענהן. ריידן, טענהן און זיך צעגיין א'.
—ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעטראָגן — אַדי. ← אויסגעטראָגן.
אַוועקוואַרפֿן א ענע שיך. א'ענע געדאַנקען.
—ערהייט — אַדוו. ־קייט — די א, פֿון אין
אײַלעניש געשאַפֿענע לידער.
אומאויסגעטראָטן — אַדי. ← אויסגעטראָטן.
א'ענע וועגן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעטראַכט — אַדי. ←
אויסגעטראַכט. א'ע סענסאַציע ־ערהייט — אַדוו.
.
־קייט.
אומאויסגעטרויערט — אַדי. ←
אויסגעטרויערט. א'ער פלוצעמדיקער טויט. ־קייט
— די א, פֿון לעצטן חורבן.
אומאויסגעטרונקען — אַדי. ←
אויסגעטרונקען. דער א'ער ווײַן אין די כּוסות.
־ערהייט — אדוו.
אומאויסגעטריקנט — אַדי. ←
אויסגעטריקנט. פלעטן וועש א'. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.

אומאויסגעיאָמערט — אַז.י. ←

אויסגעיאָמערט. מיטן האַלבֿ־דערשטיקטן, א'ן געוויין.

־קייט.

-

אומאויסגעכישוסט — [...קישעפֿט] אַדי. ←

אויסגעכּישופֿט. א'ער ניגון ־קייט.

.

אומאויסגעכשרט — [...קאַשער] אַדי. ←

אויסגעכּשרט. א'ע כּלים. ־ערהייט — אַדוו

־קייט.

אומאויסגעכאָוועט — אַדי. ←

אויסגעכאָוועט. א'ע קינדער. אַ צופֿעליקער, אַן א'ער געדאַנק. ־קייט.

אומאויסגעלאָדן — אַדי. ← אויסגעלאָדן.

א'ענע וואַגאָנען. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעלאַכט — אַדי. ← אויסגעלאַכט.

א'ער רעדנער. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעלאָשן — אַדי. ← אויסגעלאָשן.

א'ענע ליכט. ־קייט.

אומאויסגעליווערט — אַדי. ← אויסליווערן.

א'ע פּעקלעך. א'ע פֿאַרבּרעכערס.

אומאויסגעלייגט — אַדי. ← אויסגעלייגט.

א'ע טעפּעכער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעליידיקט — אַדי. ←
אויסגעליידיקט. אַן א, בײַטעלע.

512

אומאויסגעלייזט — אדי. ← אויסגעלייזט.
א'ע משכּנות. א'ע פֿון גלות. ־ערהייט —
אדוו. ־קייט.
אומאויסגעלײַטערט — אַדי. ←
אויסגעלײַטערט. אַן א, געמיט. ־קייט — א, פֿון געמיט.
אומאויסגעלעבּט — אַדי. ← אויסגעלעבּט.
א'ע יאָרן. א'ע פֿרייד. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעלערנט — אַדי. ← אויסגעלערנט.
א'ע לעקציע. א'ע הינט. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אשאויסגעמאַטערט — אַדי. ←
אויסגעמאַטערט. געבּליבּן דער איינציקער א'ער צווישן
אַלע פֿאַ▯ מאַטערטע ־ערהייט — אַדוו.

.

־קייט.
אומאויסגעמאַכט — אַדי. ← אויסגעמאַכט.
1. סטוטש. אומבּאַשטעטיקט. 2. ניט

אויסגעפֿילט, ניט אַרײַנגעשריבּן אין פֿאָרמולאַר. א'ער
וועקסל. א'ע אַנקעטע. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעמאָלדן — אַדי. ← אויסגעמאָלדן.
א'ענע לאָקאַטאָרן. ־ערהייט — אַדוו.

— □ □ ס □ מאָלן. □ ו. אינגאַנצן ניט
אויסאומאויסג מאָלט — אַדי. ← אויסגעמאָלט.

פּ □ □ ~
געמאָלט. אַן א'ע וואַנט. א'ע תּבֿואה. 2. וואָס
מע האָט ניט פֿאַרענדיקט אויסמאָלן. אַן א'ער
פּייזאַזש ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

□
.
אומאויסגעמאָלקן — אַדי. ← אויסגעמאָלקן.
1. אינגאַנצן ניט אויסגעמאָלקן. אַן א'ענע קו.
2. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט אויסמעלקן.
א'ענע אײַטערס. —ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעמאָסטן — אַדי. ← אויסגעמאָסטן.
א'ענע שטאָפֿן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט
— די א, פֿון אוניווערס.

אומאויסגעמאָרעט — אַדי. ←
אויסגעמאָרעט. א'ער פֿאַרשוין. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומאויסגעמוטשעט — אַדי. ←
אויסגעמוטשעט. מיד, אָבער א, פֿון דער נסיעה ־

הייט — אדוו. קייט.
אומאויסגעמײַסטערט — אַדי. ←
אויסגעמײַסטערט. א'ע שטיקלעך אַרבעט.
אומאויסגעמישט — אַדי. ← אויסגעמישט.
א'ער קאַלך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעמעלקט — אַדי. דזוו
אומאויסגעמאָלקן.
אומאויסגעמענטשלט — אַדי. ←
אויסגעמענטשלט. ווילדע א'ע יונגען. ־קייט.
אומאויסגעמעקט — אַדי. ← אויסגעמעקט.
א'ע נעמען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגענגלעך — אַדי. 1. וואָס האָט ניט
קיין אויסגאַנג; זייער שווער, קריטיש. א'ע
סיטואַציע. „און אַרום אים איז בלויז ייִאוש,
אומגליק און אַן א'ע לאַגע“, אַר, „דער שלום'.
2. וואָס מע קען ניט אויסגיין, פֿאַרענדיקן
דורכגיין. אַן א'ער שטח. ־קייט.
אומאויסגענומען — אַדי. 1. ניט־אָפּגערעדט.
א'ע תּנאָים פֿון אָפּמאַך. 2. וואָס ווערט יאָ
אַרײַנגענומען אין חשבון, וואָס איז ניט קיין
יוצא־מן־הכּלל. „איר זײַט אַלע די אמתע

לײַט, דו אויך א"", רייד. 3. ניט־געוואונען (בײַ
אַ שפּיל).
אומאויסגענוצט — אַדי. 1. אינגאַנצן ניט
אויסגענוצט. א, געלט. 2. וואָס מע האָט ניט
אויסגענוצט בּיזן סוף. אַן א'ע געלעגנהייט. „ניט
צו לאָזן פֿאַרבײַגיין א, אַזאַ גליקלעכן מאָמענט",
ש. בּיקל, איק, פּסח תּשט"ז. ־ערהייט —
אדוו. ־קייט.
אומאויסגענייט — אדי. ← אויסגענייט.
א'ע בּלוזקעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעניכטערט — אַדי. ←
אויסגעניכטערט. א, נאָך אַ נאַכט שיכּורן. א, פֿון אַ
ווילדן איזם. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומאויסגעניצט — אַדי. ← אויסגעניצט.
א'ע רוישטאָפֿן. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומאויסגעסדרט — [...סאַדערט, סיידער I
אדי. ← אויסגעסדרט. א'ער אַרכיוו. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

.

אומאויסגעפּאַסט — אַדי. ← אויסגעפּאַסט.
אַן א'ער בּגד ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

. .

אומאויסגעפּאָרט — אַדי. ← אויסגעפּאָרט.
„אַ בּאַרג א'ע שיך“, רײַך.
אומאויסגעפּוצט — אַדי. ← אויסגעפּוצט.
א'ע בּאַריכטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעפּלאָנטערט — אַדי. ←
אויסגעפּלאָנטערט. אַן א'ע אינטריגע. ־קייט.
אומאויסגעפּלעט — אַדי. ← אויסגעפּלעט.
„דער זייגער איז געבּליבּן א'“. ־ערהייט —
אַדוו.
אומאויסגעפּראַצעוועט — אַדי. ←
אויסגעפּראַצעוועט. א'ע הענט.
אומאויסגעסרובּירט — אַדי. ←
אויסגעפּרובּירט. א'ע פּלענער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעפּר▯ווט — אַדי. ← אויסגעפּרווּוס.
„האָט נישט דורכגעלאָזט א, קיין איין מיסל צו
בּאַזײַטיקן אַלע...אָפּאָזיציאָנעלע כּוחות„, ר.
ראָקער, נאַציאָנאַליזס און קולטור, ▯נ“א 1949.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעפּרעסט — אַדי. ← אויסגעפּרעסט.
א'ע הויזן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעפּשטלט — [...פּשעטלט] ▯די. ←
אויסגעפּשטלט. „זיך געפּשטלט, זיך פֿאַרפּשטלט

און געלאָזן דעם פּסוק (משל) א'“.

‏

אומאויסגעסאָרבּן — אַדי. ← אויסגעפּאָרבּן.
א'ענע צימערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
-
אומאויסגעסאַרטיקט — אַדי. ←
אויספּאַרטיקן. א'ער מלבּוש, בּגד. א'ער מאַנוסקריפּט.
־ערהייט — אַדוו.

-
אומאויסגעסאָרן — אַדי. ← אויסגעפּאָרן.
וואָס איז ניט אינגאַנצן אויסגעפּאָרן. אַן א'ענער
וועג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעפּאָרשט — אַדי. ←
אויסגעפּאָרשט. „דאָס אומבּאַקאַנטע און א'ע וואָס מע
קען אפשר אָנרופֿן נאַציאָנאַלער כאַראַקטער“,
ימ, וועקער, 5 XII 1936. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעפּורעמט — אַדי. ←
אויסגעפּורעמט. א'ע כאַראַקטערס. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומאויסגעפּײַנערט

אומאויסגעפּײַנערט — אַדי. ←
אויסגעפּײַנערט. א'ע מאַנירן ־ערהייט — אַדוו.
.
־קייט.
אומאויסגעפּײַפּט — אַדי. ← אויסגעפּײַפּט.
דער איינציקער א'ער אַקטיאָר. ־ערהייט —
אַדוו.
אומאויסגעפּילט — אַדי. ← אויסגעפּילט.
„אַן א'ער פֿאַרזײ־פּלאַן“, סאָוו —ערהייט —
.
אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעפּירט — אַדי. 1. וואָס איז בּיזן סוף
ניט דורכגעפּירט, ניט רעאַליזירט פּאַר אַן
. „
א'ן שידוך קריגט מען פעטש, ניט קיין

שדכנותגעלט“, רייד. 2. וואָס מע האָט ניט באַוויזן צו
פּועלן, דערגרייכן; וואָס מע האָט איבערגעריסן
אינמיטן. אַן א'ע עקשנות. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעפֿלעקט — אַדי. ← אויסגעפֿלעקט.
א, קלייד. ־ערהייט — אדוו.

□

אומאויסגעסעסטיקט — אדי. ←
אויספּעסטיקן. א'ע פּאָזיציעס. ־קייט.

□

אומאויסגעסרעגט — אַדי. ← אויסגעפֿרעגט.
א'ע אַפּליקאַנטן. ־ערהייט — אַדוו.

□

אומאויסגעסרעסן — אַדי. ← אויסגעפֿרעסן.
אַ זייער אַלטע, אָבער פֿון מאָ(י)ל א'ענע שאַל.
־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומאויסגעצאָלט — אַדי. ← אויסצאָלן. א'ע

חובֿות. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומאויס ־ עצויגן — אַדי. ← אויסגעצויגן.
א'ענע אוּווערטורע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעצופּט — אָדי. ← אויסגעצופּט.
א'ע בּרעמען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעצייכנט — אַדי. ← אויסגעצייכנט.
א'ער אַטלעט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעציילט — אַדי. ← אויסגעציילט.
א, געלט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — די א,
פֿון די קעמערלעך אין אַ שטיקעלע הויט.
אומאויסגעצירט — אַדי. ← אויסגעצירט.
א'ע צימערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעקאָכט — אדי. ← אויסגעקאָכט.
א'ע וועש. א'ע וועטשערע. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.
אומאויסגעקאַלכט — אַדי. ← אויסגעקאַלכט.
א'ע ווענט. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעקוועטשט — אַדי. ←
אויסגעקוועטשט. א'ע מאַראַנצן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעקוילעט — אַדי. ←
אויסגעקוילעט. די א'ע בּײַם פּאָגראָם. ־ערהייט —
אַדוו.

אומאויסגעקושט — אַדי. ← אויסגעקושט.
א'ע אויגן, ליפּן. ־ערהייט — אָדוו. ־קייט.
אומאויסגעקילט — אַדי. ← אויסגעקילט.
א'ע פֿרוכטזופּ. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעקינצלט — אַדי. ←
אויסגעקינצלט. א'ער אָרון־קודש. ־קייט.
אומאויסגעקלאָרט — אַדי. ← אויסגעקלאָרט.
א'ע פּראָבֿלעם. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעקלונגען — אַדי. ←
אויסגעקלונגען. א'ע נײַס. א'ער נאָמען. ־קייט.

אומאויסגעקליבֿן — אַדי. ← אויסגעקליבֿן.
א'ענע אַרבֿעס. א'ענער קאַנדידאַט. ־ערהייט —
אדוו. ־קייט.
אומאויסגעקליגלט — אַדי. ←
אויסגעקליגלט. "ער האָט זיך געקליגלט, אָבֿער עס איז
געבֿליבֿן א'", רייד. ־קייט — די דירעקטקייט,
די א, פֿון זײַנע רייד.
אומאויסגעקליידט — אַדי. ←
אויסגעקליידט. די כּלה איז געבֿליבֿן א'.
אומאויסגעקלעפּט — אַדי. ← אויסגעקלעפּט.
א'ע אַפֿישן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעקלערט — אַדי. ←
אויסגעקלערט. א'ע מעשׂיות. א'ער ווײַן. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

אומאויסעקנאָטן — אַדי. ← אויסגעקנאָטן.
א'ענע חלה.
אומאויסגעקעמפּט — אַדי. ←
אויסגעקעמפּט. א'ע פּאָדערונגען ־קייט.

אומאויסגעקערט — אַדי. ← אויסגעקערט.
א'ע פּאָדלאָגע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעקרימט — אַדי. ← אויסגעקרימט.
א'ע שיך. א'ער רוקן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעקריצט — אַדי. ← אויסגעקריצט.
א'ע מצבֿות. ־ערהייט — אדוו.
אומאויסגעראָטן — [אָ קורץ אין אַלע דד]
אַדי. ← אויסגעראָטן I. וואָס איז ניט אינגאַנצן
אויסגעראָטן (אומגעבֿראַכט). אונדזער א, פֿאָלק.
־קייט.
אומאויסגערוט — אַדי. ← אויסגערוט. א'ע
קינדער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגערויכערט — אַדי. ←
אויסרויכערן. א'ע הערינג. א'ע פּרײַסלעך.

אומאויסגערוימט — אַדי. ← אויסרוימען.
א'ע צימערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעריבן — אַדי. ← אויסגעריבן.
א'ענע עלנבויגנס. ־קייט.
אומאויסגערייכערט — אַדי. ←
אויסגערייכערט. א'ע ליולקע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעריייניקט — אַדי. ← אויסרייניקן.
א'ער מלבוש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגערימט — אַדי. ← אויסגערימט.
א'ער גאָון. ▯קייט.
אומאויסגעריסן — אַדי. ← אויסגעריסן.
א'ענע קראָפּעווע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגערעדט — אַדי. ← אויסגערעדט.
א'ע שנור. א'ע קריוודעס. און אויך: 1. וואָס דאַרף פֿאַררעכנט ווערן ווי דאָס וואָלט ניט געזאָגט געוואָרן. „ווען מע דערציילט וועגן אַ מצווה וואָס מע האָט געטאָן, באַזונדערש וועגן צדקה וואָס מע האָט געגעבן, זאָגט מען א': — כ'האָב א, זאָל עס זײַן, געגעבן דעם ייִד נעכטן אַ רובל„, יע. 2. אַזוי ווי ב1, נאָר אין פֿאַל פֿון דערציילן עפּעס וואָס איז ניט לשבֿח. „זי איז אָבער שוין געוועזן אום אויס גירעט אַ מיידל פֿון אַכצן יאָר“, א. נוסבאַום, פּעסעלע די גאַבעטע, וואַרשע 1885. ער איז א אַ בעל־עבֿירהניק.

,

3. וואָס קען (טאָר) ניט אויסגערעדט ווערן.
,,א, זאָל בלייַבן זײַן [=גאָטס] נאָמען" — בײַם

אומאויסגעש יטן

פֿאַרזיכערן אַז מע זאָגט דעם אמת און מע וויל
דערבײַ ניט שווערן.
פֿרגל אויסגערעדט זײַן ־ערהייט — אַדוו.

־קייט — ,,אַ קריגערײַ איבער די א'ן פֿון
אָפּמאַך".
אומאויסגערעכנט — אַדי. 1. וואָס מע האָט
ניט אויסגעחשבונט, אויסגערעכנט. א'ע
מיליאָנען. 2. וואָס באַרעכנט זיך ניט, וואָס קלערט
ניט וועגן רעזולטאַטן; אומבאַטראַכט. א'ער
בעלהבית. א'ער גאַנג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט
— ,,דרייסט ווי די א'", ימ, נײַס, 1923.
אומאויסגעשאָכטן — אַדי. ←
אויסגעשאָכטן. א'ענע בעתן פּאָגראָם ־ערהייט —

אַדוו ־קייט.

אומאויסגעשאָסן — אַדי. ← אויסגעשאָסן.

א'ענע געפֿאַנגענע. ־ערהייט — אַדוו.
אַוועקוואַרפֿן די ביקס א'.
אומאויסגעשאָרן — אַדי. ← אויסגעשאָרן.
א'ענע מוסטערן. א'ענע האָר.
אומאויסגעשווענקט — אַדי. ←
אויסגעשווענקט. א'ע באַליע וועש. א'ער האַלדז. א,
מויל. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעשולט — אַדי. ← אויסשולן. א'ער
מיטאַרבעטער ־קייט.

.

אומאויסגעשטאַנען — אַדי. ←
אויסגעשטאַנען. אַן איבערגעריסענע, אַן א'ע
שמונהעשׂרה. א'ער וויין. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומאויסגעשטודירט — אַדי. ←
אויסגעשטודירט. א'ע יוגנט. ־ערהייט — אַדוו.
קייט.
אומאויסגעשטורעמט — אַדי. ←
אויסגעשטורעמט. וואָס דאָס אויסשטורעמען האָט זיך
איבערגעריסן. א'ע פּראָטעסטן, רעוואָלוציע.
־קייט.
אומאויסגעשטימט — אַדי. ←
אויסגעשטימט. א'ע פֿידל. ־קייט.
אומאויסגעשטעלט — אַדי ←

אויסגעשטעלט. א'ע סחורה. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעשטראַלט — אַדי. ←
אויסגעשטראַלט. א'ע וואַרעמקייט ־קייט.
.
אומאויסגעשטרעקט — אַדי. ←
אויסגעשטרעקט. א'ע האַנט. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעשײַנט — אַדי. ← אויסגעשײַנט.
א'ע שטערן. ־קייט.
אומאויסגעשײַערט — אַדי. ←
אויסגעשײַערט. א'ע טעפּ. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעשלאָגן — אַדי. ← אויסגעשלאָגן.
די עטלעכע א'ענע שויבּן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעשלאָפֿן — אַדי. ← אויסגעשלאָפֿן.
א'ענע אַרבּעטער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעשליפֿן — אַדי. ← אויסגעשליפֿן.
א'ענע בּריליאַנטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעשמירט — אַדי. ← אויסגעשמירט.
א'ע שינעלן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויסגעשניטן — אַדי. ← אויסגעשניטן.
אַ בּאַל־קלייד מיט אַן א'ענעם פֿאָרנט און
טיףאויסגעשניטענעם רוקן. ־ערהייט — אַדוו.
▯ קייט.

אומאויסגעשעפּט

אומאויסגעשעפּט — אַדי. ← אויסגעשעפּט.
„די א'ע ענערגיע וואָס האָט זיך געהאַט
אײַנגעשפּײַכלערט אין איר“, אַש, וואַרשע. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט — „די א, פֿון דעם ייִדנס
כּוחות„..
אומאויסגעשפּיגן — אַדי. ← אויסגעשפּיגן.
א, לייכעץ (לחות). ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגעשפּילט — אַדי. ← אויסגעשפּילט.
א'ע מעלאָדיע. א'ע אָקע. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעשפּיצט — אַדי. ←
אויסגעשפּיצט. א'ע בּאַיאָנעטן. ־קייט.
אומאויסגעשפּרייט — אַדי. ←
אויסגעשפּרייט. א'ער טישטעך. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויסגעשריבּן — אַדי. ← אויסגעשריבּן.
א'ענע ציטאַטן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויסגרינדלעך — אַדי. אַרכ. וואָס מע
קען צו דעם זיך ניט דערגרונטעווען בּיזן סוף.
„האָט הש“י אונז דיא ממשלה איבּר אַלץ געבּן...
אויך זײַנין מיר פֿולר טיפֿן אוהן אויזגרינדליכה

חכמות,,, הבחור חנוך בר, צבֿי הירש נאיבז),
אגרת בעלי חיים, הענא 1718.
אומאויסדויערדיק — אַדי. מאַרק ווב. וואָס
איז אָן אויסדויער (←). א'ער קאַמף וואָס פֿירט
צום אונטערגעבן זיך.
אומאויסדריקלעך — אַדי. ← אויסדריקלעך.
,,איינע א'ע ליבע האָט דיביידע קינדער
צונויפֿגעקניפּט,,, ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס
טאָכטער, ווילנע 1888. ,,טויזנט און איינע
ניטאויסגעדריקטע און א'ע געדאַנקען און
עמאָציעס", מינפּי I, נ"י 1956.
אומאויסהאַלטעוודיק — אַדי. נעאַל. ←
אויסהאַלטעוודיק. א'ער ווייטיק ־יקייט.
.
אומאויסהיילבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דווו. —קייט.
אומאויסהיילעוודיק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
וואָס מע קען ניט אויסהיילן. א'ע קראַנקייט.
־יקייט.
אומאויסטויגעריש — אַדי. נעאַל. וואָס איז
ניט ווי ביי אַן אויסטויגער (←.); וואָס טויג
זיך ניט אויס. ,,דאָס געשריי פֿון די עוולות
וואָס ווערן טאָג־אײַן, טאָג־אויס באַגאַנגען לגבי
דעם איינזאַמען 'אומאויסטויגערישן, מענטשן",

פּאַש, 2 XI 1956 ־קייט.

.

אומאויסטיילעוודיק — אַדי. נעאַל. ←
אויסטיילעוודיק. א'ע עלעמענטן פֿון אַן אָרגאַן.
־יקייט.

אומאויסלערנעוודיק — אַדי. נעאָל. ←
אויסלערנעוודיק. "דער סוד פֿון קונסט איז א'".

אומאויסלעשבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דוווו. „דער געריכטס־טאָג פֿון בורא ב"ה איז
אַ שרעקלעכער פֿורכטבאַרער פֿינצטערער טאָג,
זײַן פֿײַער־פֿלאַם איז א'", עקיבֿא יוסף
שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 1866. „געהאַט...אַן
א'ן דורשט נאָכן ביטערן טראָפּן", ש. וויגאָדאַ,
פּאָר, 12 I 1964 ־קייט.

.

אומאויסלעשלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
אויסלעשן. „די ליבע איז אַן א'עס פֿײַער„,
אמד, דער שבֿעים מאָלצײַט, ווילנע 1877. „

פֿײַ514

ערדיקע, ליכטיקע א'ע אותיות„, מ.
ווינטשעווסקי. „א'ע האָפֿענונג", ימ איבֿז, טאָמאַס מאַן,
טאַניאָ קרעגער, 1930. ־קייט.

אומאויסמײַדלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט אויסמײַדן. א'ע פּשרות. א'ע
שווערקייטן. „די כּסדרדיקע און א'ע אָפּזאָגן און
ניינען רופֿן אַרויס שווערע רעאַקציעס פֿון
אַנטוישונג", מוו, דעך וועג צו אונדזער יוגנט.
־קייט — די א, פֿון גורל.
אומאויסמעסטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומאויסמעסטעוודיק. ־קייט.
אומאויסמעסט▯יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. דזוו
דוווו. היפּוך פֿון אויסמעסטלעך (←.) ־(י)קייט.
.
אומאויסמעסטעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט אויסמעסטן. „המצאָות, אײַנפֿאַלן
זײַנען א'ע שטריכן פֿון דער אינטעליגענץ".
־יקייט.
אומאויסמעקלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אויסמעקן. „ווענן דעם א'ן חותם וואָס דער
פֿארשטאָרבענער האָט געלאָזן" פֿאַש, 15 1958 XI.
־
,
־קייט.
אומאויסניצלעך — אַדי. נעאַל. דזוו דוווו.
אומאויסניצעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט אויסניצן. א'ע מאַטעריאַלן.
אומאויסנעמ▯יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס

מע קען ניט אויסנעמען, אויסליידיקן, אויסשעפּן. א'ער קוואַל, אוצר. ־(י)קייט.

אשאויססאָרטירט — אַדי. ← אויססאָרטירן. א'ער ראַמש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויססערווירט — אַדי. ← אויססערווירן. א'ע פּאָרציעס (קאָמפּאָט).

אומאויסערגעוויינלעך — אַדי. ניט־אויסערגעוויינלעך (אָבער אויך ניט טאָגטעגלעך, דורכשניטלעך). „טאַקע א', אָבער דאָך קען מען עס אַרײַנגעבן אין צײַטונג„, רייד ־קייט.

.

אומאויספּלאַנירט — אַדי. ← אויספּלאַנירן. א'ע נסיעה. ־קייט.

אומאויספּראָבירט — אַדי. 1. וואָס מע האָט אויף דעם ניט אַוועקגעשטעלט אָדער ניט אויסגעפֿונען די פּראָבע. 2. אומאויסגעפּרוּווט. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויספּראָקלאַמירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט אומעטום פֿײַערלעך געמאָלדן. א'ע פֿרײַהייטן.

אומאויספּרובירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט אויספּרובירן. א'ע טעאָריע. ־קייט.

- -

אומאויססאַרקויסט — אַדי. ←
אויספּאַרקויפֿן. א'ער ראַמש. א'ער קאָנצערט. ־
ערהייט — אַדוו.
אומאויספֿירבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
־קייט.
אומאויספֿירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט אויספֿירן, דורכפֿירן. א'ע פֿאָדערונגען.
—קייט.
אומאויסצ עוודיק — אַדי. ← אויסציִעוודיק.
א'ע שטאָפֿן. —יקייט.
אומאויסקאָמבינירט — אַדי. וואָס איז ניט
(ביזן סוף) דורכגעפֿירט מיט אַ קאָמבינאַציע.
אַן א'ער גאַנג אין שאָך. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסשעפּיק

אומאויסקאָנקורירט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט איבערגעשטײַגט. אַן א'ער פּרײַז.
אומאויסקויפֿלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אויסקויפֿן (←.). א'ע זינד; א'ע שטראָף.
—קייט.
אומאויסקורירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט אויסהיילן. א'ע קראַנקייט, שוואַכקייט.
־קייט.

אומאויסקלאָרלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט אויסקלאָרן, ביזן סוף קלאָר מאַכן.
א'ע פּראָבּלעם. ־קייט.
אומאויסקלײַבּלעך — אַדי. נעאָל. וואָס אָדער
פֿון וואָס מע קען ניט אויסקלײַבּן. אַן א, גרויסע
מאַסע ־קייט.
.
אומאויסקלײַבּעריש — אַדי. היפּוך פֿון
אויסקלײַבּעריש (←). א'ער בּחור. מיט אַ
בּיליקן, א'ן געשמאַק. ־קייט.
אומאויסקלערלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט אויסקלערן, אויסטראַכטן. א'ע המצאָות.
־קייט.
אומאויסקריסטאַליזירט — אַדי. 1. וואָס
דער פּראָצעס פֿון אויסקריסטאַליזירן (זיך) איז
דערבײַ ניט פֿאָרגעקומען אָדער זיך ניט
פֿאַרענדיקט. א'ע זאַלציקע מישונגען. 2. וואָס איז
ניט גענוג בּולט געמאַכט (געוואָרן). א'ע
אידייען. ־קייט.
אומאויסראָטבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דוווו.
אומאויסראָטלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט אויסראָטן, אומבּרענגען, אויסרייניקן. א'ע
פֿלעקן, וואַנצן. „דער א'ער גלויבּן אין משיחן“,

ייִבל XXIII, 1 ־קייט.

.

אומאויסרייַבלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט אויסרייַבן. א'ע פּלאַסטיק. —קייט.

אומאויסריידבאַר, ־רעדבאַר — אַדי.

דטשמ. נר. ← דוווו. „עס איז די שפּראַך פֿון דעם א'ן, די געהיימע געפֿיל־שפּראַך 'פֿון יענער זײַט ליד'", י. ראַבינאָוויטש, קענאָ, III 1963 י 9.

אומאויסריידלעך, ־רעדלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט איבערגעבן דורך ווערטער. "וועט אויפֿשטיין פֿאַר דיר דאָס וואָס פֿריִער געשען, וועט דיר א, באַנג טאָן דער רעש וואָס האָט דיך באַהערשט", אַשר שוואַרצמאַן, לידער, קיִעוו 1923. ־קייט.

אומאויסרייסלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע

-

קען ניט אויסרײַסן. א'ע זכרונות, געפֿילן. ־קייט.

אומאויסשטודירט — אדי. ← אויסשטודירט. א'ע געהיימענישן. ־קייט.

אומאויסשטודירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט אויסשטודירן. א'ע פּרטים.

אומאויסשטײלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט אויסשטיין, פֿאַרטראָגן. א'ע באַליידיקונג. „א'ע

היץ", אמד, דער שבֿעים מאָלצײַט, ווילנע 1877.
„האָט ער געהאַט אַן א'ן כאַראַקטער", קאָבֿרין
איבֿז, מאָפּאַסאַן II, נ"י 1913. ־קייט.
אומאויסשעפּיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט אויסשעפּן. אַן א'ער קוואַל. „דער 'קול
מבֿשׂר, איז אויך אַן א'ער אוצר פֿון דעם

דעאומאויסשעפּלעך

מאָלט גערעדטן ייִדיש", ישעיה טרונק, אונזער
צײַט, 1962, 12. ־יקייט.
אומאויסשעס[לעך — אַדי. דזוו
אומאויסשעפּיק. „א'ע אוצרות„, ימ, 1926. „א'ער
פֿאַרגעניגן", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. „חאָט
פֿאַרמאָגט אַן א'ן קוואַל פֿון ענערגיע", מוק,
מײַנע באַגעגענישן. „אונדזער א'ע געשיכטע",
לע, טמז, 1 XI 1959. ־קייט.
אומאויסשעפּנדיק — אַדי. דזוו
אומאויסשעפּיק. „אויף זייערע פּנימער ליגט אַן אייבֿיקער,
אַן א'ער שמערץ„, ווײַס, 'אָפּגעשטויסן'. [נר
מיט דעם בֿ. דאָס וואָרט קען נאָר זײַן דער
היפּוך פֿון אויסשעפּנדיק ←].
אומאויסשפּיר יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט אויסשפּירן. א'ע מיליטערישע

סודות. ־(י)קייט.
אומאויסשפּראַכלעך — ← דוווו. נר. „ער ליבּט דיך א׳״, הנ״ץ איבּז, ש ולמית, לובּלין 1894.
אומאויסשפּרעכלעך — אַדי. אַרכ. וואָס מע קען ניט אויסדריקן אין ווערטער. „די אוהן אויז שפּרעכליכה פֿרייד„, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ״ד. „ווען עס טרעפֿט אים אַן א׳ער טרויער עפֿנט זיך דער בּרונען פֿון זײַנע אויגן„, י. טרובּניק, תּלמודישע לעגענדן, קיִעוו 1888. ־קייט.
אומאויסשרײַאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט אויסשרײַען. א׳ער ווייטיק. א׳ע קלאַנגען. ־יקייט.
אומאויסשרײַבלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט אויסשרײַבן, איבּערגעבּן אין אַלע פּרטים דורך שרײַבּן. א׳ע צרות. „בּאַפֿרײַען פֿון צו בּאַשרײַבּן דיזע א׳ע פֿאָרשטעלונג״, אמד, מלכּה והדסה, ווילנע 1868. —קייט.
אומאויפֿבּרויזיק — אַדי. ← אויפֿבּרויזיק. א׳ע נאַטור.
אומאויפֿגעאַקערט — אַדי. ← אויפֿגעאַקערט. א׳ער בּאָדן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעאַרבּעט — אַדי. ←

אויפֿגעאַרבעט. אַן א'ע פֿירמע. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגעבאָטן — אַדי. ← אויפֿגעבאָטן.
פֿאַרקויפֿן עפּעס אויפֿן אויקציאָן א'.
אומאויפֿגעבויט — אַדי. ← אויפֿגעבויט. א'ע
פּאַלאַצן. —ערהייט — אַדוו ־קייט.
.

-

אומאויסגעבונדן — אַדי. ← אויפֿגעבונדן.
א'ענער פּעקל. א'ענע עגונה. ־ערהייט —
אָדוו. ־קייט.
אומאויפֿגעבלאָזן — אַדי. ← אויפֿגעבלאָזן.
אַן א'ענער באַלאָן. „עש ווערט אין פֿר ברענן
דש און אויף גיבלאזני פֿייאר וואש מן ניט
ד[אַ]רף אויף צו בלאזן, דאש איז דאש גיהנם“,
סהמ, איובֿ, כ, 26. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומאויפֿגעבליט — אַדי. ← אויפֿגעבליט.
די א'ע רויז. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויפֿגעבלעטערט — אַדי. ←

אויפֿגעבלעטערט. אַן א, בוך.
אומאויפֿגעגעבן — אַדי. ← אויפֿגעגעבן.
„דער פּלאַן איז נאָך ניט דורכגעפֿירט, אָבער ער איז דערווײַל א',„ רייד.

-

אומאויסגעגראָבן — אַדי. ← אויפֿגעגראָבן.
א'ענע קבֿרים. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעגרוילט — אַדי. ← אויפֿגעגרוילט.
„די ניט־ייִדישע וועלט איז געבליבן א', אַפֿילו ווען מע האָט שוין געוואוסט וועגן די נאַצישע רציחות,„ רייד.
אומאויפֿגעגרינט — אַדי. ← אויפֿגעגרינט.
וואָס איז ניט געוואָרן גרין. א'ע פֿעלדער. ־קייט.
אומאויפֿגעדעקט — אַדי. ← אויפֿגעדעקט.

א'ע סקאַנדאַלן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויפֿגעהאַלטן — אַדי. ← אויפֿגעהאַלטן.
וואָס ווערט ניט פֿאַרהאַלטן, ניט אָפּגעלייגט;
תּיכּף, גלײַך. „די נשמה פֿון צדיקים גייט בּאַלד
אַרויף א'„, ר, מכּיר, ספֿר אַבקת רוכל,
לעמבּערג 1850. ־קייט.

אומאויסגעהויבּן — אַדי. ← אויפֿגעהויבּן.
א'ענע מטבּעות. א'ענע פּרײַזן. ־קייט.

אומאויפֿגעהיט(ן) — אַדי. ←
אויפֿגעהיט(ן). א'ע(נע) אוצרות. ־טערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומאויסגעהעצט — אַדי. ← אויפֿגעהעצט.
א'ער המון. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומאויסגעהערט — אַדי. ← אויפֿגעהערט.
כּסדרדיק, וואָס איז אָן אַן איבּעררײַס. א'ע

באַמיאונגען. „און, וואַר אין חלשות אַז פֿינף שעות
אום אויף גיהערט“, „אַ מעשׂה פֿון אַ רוח אין
קאָרעץ', [מיטן 17. י״ה]. „דאָס וואַסער וואָס דו
זעסט דאָ...רינט אַלץ פֿון דעם אָרט אַרויס א',,,
דאָס איינינאיינציגע קינד, [איבּז], לובּלין 1877.
אומאויפֿגעוואַקסן — אַדי. → אויפֿגעוואַקסן.
פּפֿ: ~געוואָקסן. א'ענער פֿאַרזיי —קייט.
.

-
אומאויסגעוואַרעמט — אַדי. →
אויפֿגעוואַרעמט. א'ע זופּ. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
.

-
אומאויסגעוויזן — אַדי. → אויפֿגעוויזן.
א'ענע באַשולדיקונגען. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויפֿגעוויקלט — אַדי. → אויפֿגעוויקלט.
א'ע מגילה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויפֿגעוועקט — אַדי. ← אויפֿגעוועקט.
א'ע געפֿילן. ־ערהייט — אַדוו ־קייט —
.
די א, פֿון עסטעטישן געפֿיל, סעקסועלן בּאַגער.
אומאויפֿגעזאָדן, ־זאָטן — אַדי. ←
אויפֿגעזאָדן. א'ענע קעסלען וואַסער. א'ענע
געמיטער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעזאַמלט — אַדי. ← אויפֿגעזאַמלט.
א'ע יקר־המציאותן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויפֿגעזוכט — אַדי. ← אויפֿגעזוכט. א'ע
קרובֿים. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומאויסגעזעצט — אַדי. ← אויפֿגעזעצט.
א'ער אַרטיקל. ־ערהייט — אַדוו.

▯

אומאויסגעהשבּונט — [...כעזשבּנט] אַדי.
← אויפֿגעחשבּונט. א'ע הוצאה. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומאויפֿגעטאָן — אַדוו. ← אויפֿגעטאָן.
געבּליבּן א'.

אומאויפֿגעטראָגן — אַדי. ← אויפֿגעטראָגן.
א'ענע קלעצער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

▯

אומאוי▯ געפּרעסט

אומאויפֿגעטרייסלט — אַדי. ←
אויפֿגעטרייסלט. א'ע פֿון חורבן, פֿון דער טראַגעדיע.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויפֿגעטרענט — אַדי. ← אויפֿגעטרענט.
א'ע זעק. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויפֿגעיוירט, ־▯וירן, ־יערט — אַדי.
← אויפֿגעיוירט. א'ער ווײַן ־קייט.

.

אומאויפֿגעכּישופֿט — אַדי. ←
אויפֿגעכּישופֿט. א'ע מעלאָדיע.

אומאויפֿגעכאָוועט — אַדי. ←
אויפֿגעכאָוועט. א'ע קינדער.

אומאויפֿגעכאַפּט — אַדי. ← אויפֿגעכאַפּט.
א'ע געדאַנקען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויפֿגעלאָדן — אַדי. ← אויפֿגעלאָדן.
א'ענע וואַגאָנען. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויפֿגעלאָזט, ־לאָזן — אַדי. ←
אויפֿגעלאָזט. א'ער פֿאלבאָן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויפֿגעלאָפֿן — אַדי. ← אויפֿגעלאָפֿן.
א, טייג. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעלויכטן — אַדי. ← אויפֿגעלויכטן.
אַן א, פּנים. א'ענע פֿענצטער ־קייט.
— .
אומאויפֿגעלייגט — אַדי. ← אויפֿגעלייגט.
1. שלעכט געשטימט, אומצופֿרידן. זײַן אין אַ געדריקטער שטימונג, א'. 2. ניט־צונויפֿגעלייגט. א'ע בּיכער. א'ע קלעצער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ניט קיין כּעס, נאָר סתּם אַן א,.
אומאויפֿגעלעבּט — אַדי. ← אויפֿגעלעבּט.
א'ער געדאַנק. ־קייט.
אומאויפֿגעמאַכט — אַדי. ← אויפֿגעמאַכט.
ניט־אויפֿגעעפֿנט. קיינמאָל ניט־געלייענטע, א'ע בּיכער. ־ערהייט — אַדוו.
א▯שאויפֿגעמאָלט — אַדי. ← אויפֿגעמ▯יבּן
לט.
אויך: ~געמאָלן. דאָס בּילד איז געבּ
א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעמונטערט — אַדי. ←
אויפֿגעמונטערט. א'ע מאַסן. ־קייט.
אומאויפֿגעמישט — אַדי. ← אויפֿגעמישט.
א'ע בּלעטלעך זכרונות. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומאויסגענאַשט — אַדי. ← אויפֿגענאַשט.
א'ע קיכעלעך.

אומאויסגענומען — אַדי. ← אויפֿגענומען.
א'ע פּונקטן אויפֿן סדר־היום ־ערהייט —
.

אַדוו.
אומאויסגענייט — אדי. ← אויפֿגענייט. א'ע טערמענגע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעעפֿנט — אַדי. ← אויפֿגעעפֿנט.
א'ער שלאָס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויפֿגעפּאַסט — אַדי. ← אויפֿגעפּאַסט.
א'ע קינדער. —ערהייט — אַדוו. —קייט.

אומאויפֿגעפּאַקט — אַדי. ← אויפֿגעפּאַקט.
א'ער טשעמאָדאַן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויפֿגעפּוצט — אַדי. ← אויפֿגעפּוצט.
א'ע דירה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאויפֿגעפּלאָנטערט — אַדי. ←
אויפֿגעפּלאָנטערט. א'ע מיסטעריע.

אומאויפֿגעפּרעגלט — אַדי. ←
אויפֿגעפּרעגלט. א'ע פֿיש. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומאויסגעפּרעסט — אַדי. ←
אויפֿגעפּרעסט. א'ער קאָלנער. ־ערהייט — אַדוו.

▯ -

אומאויפגעפאָרבן

▯ ▯

אומאויפֿגעסאָרבן ▯־— אדי. ← אויפֿגע־ א
פֿאָרבן. אויך: ~געפּאַרבט. א'ענע

דעקאָראַציע ־קייט. א

אומאויסגעסירט — אַדי. ← אויפֿגעפֿירט. ניט־אויפֿגעפֿירט. ניט־געשפּילט. א'ע איינאַקטערס פֿון די 37 סצענישע ווערק...איז קיין איינציק ווערק נישט געבליבן א'", מ. שווייד, א פֿאַר, 1964 31 ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומאויפֿגעפֿלאַמט — אַדי. ← א יפֿגע־ א פֿלאַמט. א'ע ראַקעטן ־קייט.

—

אומאויסגעסרישט — אַדי. ← אויפֿגע־ א פֿרישט. א'ע זכרונות. א'ער סכסוך ־קייט.

-

אומאויסגעצאָרנט — אַדי. ← אויפֿגעצאָרנט. א'ע דעמאָנסטראַנטן ־ערהייט — אַדוו ־קייט. א

-

אומאויסגעצוואונגען — אַדי. ← אויפֿגעצוואונגען. א'ע פֿירונג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — אַ נאַטירלעכקייט, אָן א'. א

-

אומאויסגעצויגן — אדי. ← אויפֿגעצויגן. אַן א'ענער זעגל ־ערהייט — אַדוו. א

אומאויסגעציטערט — אַדי. ← אויפֿגעציטערט. זײַן אין אַ סכּנה און פֿאַרבלײַבן א'. ־קייט.

אומאויפֿגעצייכנט — אַדי. ← אויפֿגעצייכנט. א א'ע נאָטיצן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאויפֿגעציילט — אַדי. ← אויפֿגעציילט. א
א, מינצגעלט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאויפֿגעקאָכט — אַדי. ← אויפֿגעקאָכט. א
א'ע טיי. ־ערהייט — אַדוו.
אומאויפֿגעקוואָלן — אַדי. ← אויפֿגע־ א
קוואָלן. א'ענער טייג. ־קייט.

אומאויסגעקויסט — אַדי. ← אויפֿגעקויפֿט. א
א'ע בילדער.
אומאויפֿגעקלאָרט — אַדי. ← אויפֿגע־ א
קלאָרט. א'ער ענין. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומאויפֿגעקליבן
— אַדי. ← אויפֿגעקליבן. א
א'ענע קאַרטאָפֿל.
אומאויפֿגעקלעפּט — אַדי. ←
אויפֿגעקלעפּט, אויפֿקלעפּן. א'ע מודעה. א'ע מאַרקע.
א'ער קאָנווערט ־ערהייט — אַדוו ־קייט. א

— לערט — אַדי. ←
אויפֿגע.
אומאויסגעק
קלערט. „קומט ממילא אויס, אַז אַן א'ע נשמה

ערחיי רביקייט,,, א
האָט ניט קיין רעכט אויף
פּ. קאָן, ייִבל 7 ,XIII־8. ־ — אַדוו.
אומשט

־קייט.

אומאויסגעקריצט — אדי. ←
אויפֿגעקריצט. א'ע אותיות ־ערהייט — אַדוו. א
.
־קייט.

־

אומאויסגעראַמט — אַדי. ← אויפֿגעראַמט.
פּפֿ: ~גערוימט. דאָס צימער איז געבליבן א'.
־ערהייט — אַדוו.

אומאויסגערודערט — אַדי. ←
אויפֿגערודערט. א, פֿון דער ידיעה ־קייט.
.

-

אומאויסגערייצט — אַדי. ← אויפֿגערייצט.
א'ער הונט. ־קייט.

אומאויסגעריכט — אַדי. ← אויפֿגעריכט.
א'ער קבצן.

אומאויפֿגעריסן — אַדי. ← אויפֿגעריסן.
א'ענע באָמבע. ־ערהייט — אַדוו.

ומאויסגערעגט — אַדי. ← אויפֿגערעגט.
א'ער רעדנער. ־ערהייט — אַדוו.
ומאויפֿגערעדט — אַדי. וואָס מע האָט א
וועגן דעם זיך ניט צונויפֿגערעדט. אַן א'ער
ספּאָנטאַנער פּראָטעסט. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט. א

□

שאויסגערעכנט — אַדי. ←
אויפֿגערעכנט. א'ע הכנסה —ערהייט — אַדוו ־קייט. א

.

.

□

ומאויסגעשטורעמט — אַדי. ←
אויפֿגע— לט — אַדי. ← אויפֿגע־ א
שטורעמט. א'ער עולם ־קייט.

.

ומאויסגעשטע
— לאג — אדי. ← אויפֿגע־ א
ן

שטעלט. א'ער דענקמאָל ־ערהייט — אַדוו.

ומאויסגעש

שלאָגן. א'ענע אייער. ־ערהייט — אַדוו.

ומאויפֿגעשלאָסן

— אַדי. ← אויפֿגע־ א

שלאָסן. א'ענע קאַסע. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.

ומאויסגעשניטן — אַדי. ←

אויפֿגעשניטן. א'ענע פֿאַרפּאַקונג. ־ערהייט — אַדוו. א

ומאויפֿגעשפּילט — אַדי. ←

אויפֿגעשפּילט. א'ער מאַרש. ־ערהייט — אַדוו.

—קייט. א

-

ומאויפֿגעשפּראָצט — אַדי. ←

אויפֿגעשפּראָצט. א'ע זריעה ־קייט.

▯

ומאויסגעשפּרייט — אַדי. ← אויפֿגעַ־ א
שפּרייט. א'ער טישטעך. ־ערהייט — אַדוו.

▯

ומאויסגעשריבן — אַדי. ←
אויפֿגעשריבן. א'ענער אָפּמאַך. ־ערהייט — אַדוו. א
ומאויפֿגראַווירט — אַדי. ←
אויפֿגראַווירן. א'ער רינג. ־ערהייט — אַדוו. א

-

ומאויסדעקאָרירט — אַדי. ←
אויפֿדעקאָרירן. א'ער זאַל. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט. א
ומאויפֿהאַלטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומאויפֿהאַלטעוודיק. „מיט מעכטיקן, א'ן
דראַנג“, הלל זײַדמאַן, טמז, 28 1962 XII.

דוווו. „אַלץ אין דער וועלט האַלט זיך אין איין א
ומאויפֿהאַלטזאַם — אַדי. דטשמ. נר. ←

-

א'ען, טעגלעכן אַנטוויקלען,,, ווינטש II , נ"י
א .1927
ומאויפֿהאַלטעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט אויפֿהאַלטן. א'ע פּאָזיציע. א'ער
שטאַנדפּונקט. ־יקייט.
ומ'אוי'פֿהעריק — אַדי. נעאַל. וואָס ציט
געזאָנג פֿון מײַן לעבן", הל, קײַ א
נעמס לאַנד
זיך אָן אַן אויפֿהער. ,,הער איך דאָס א'ע

גערויש

.
־יקייט.
ומאויפֿהערלעך
— אַדי. דזוו אומאויפֿ
א
-

העריק. ,,מיר האָבן אין דער האַנט די תּורה
מאַכן אַ לעבן וואָס דויערט אימער און אייביק א
הקדושה, וואָדורך מיר קענען זיך פֿאַרדינט

א"", עקי א יוסף שלעזינגעד, עמוד היראה,
קאַשוי 1866. ,,האָבּן זיי אַ גרויסן קלאַפּ
געהערט...און אַן א'ן ליאַרעם פֿון בּילנדיקע הינט א
אין געהעפֿט", נ. האָפֿמאַן, דער פֿאַלשער
פֿעטער, ווילנע 1880. ,,השי"ת האָט צוגעזיכערט
דאָס די הייליקע תּורה בּײַ ייִדישע קינדער [וועט]
א, בּלײַבּן,,, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע tות
II, סאַטמאַר תּרפּ,,ה. ,,א'ע קרבּנות,,, ימ, נײַס,
1926. ,,...[אַ] דורכזיכטיקע פֿליסיקייט, וועלכע

אום און אום

רינט א, פֿון דער נאָז,, פֿגעז, פּאַריז 1949,

,

No 4 ־קייט.

. —

ומאויסהערעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס

האָט די טבֿע ניט אויפֿצוהערן. א'ע טענות.
־יקייט.

ומאויסוואַכיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען זיך
ניט אויפֿכאַפּן; וואָס מע קען ניט אויפֿוועקן,
מאַכן וואַך. א'ע טויטע ־יקייט.

.

ומאויסזוכיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אויפֿזוכן. א'ע סימנים, מאָטיוון אאַ.

ומאויסטועריש — אַדי. ← אויפֿטועריש.
א'ער אָנפֿירער. ־קייט.
ומאויפֿלייזלעך — אַדי. נעאַל. וואָס קען
ניט צעגיין, צעשמאָלצן ווערן. א'ער אַרץ. [
בּעסער: אומצעלאָזלעך] קייט.

-

ומאויסמערקזאַם — אדי. ←
אויפֿמערקזאַם. א'ע שילער ־קייט — „ווי וויַט עס
.
דערגייט די א'...פֿון אונדזער גרויסן דיכטער“,
— 	ו ראָמאניסטן II.
שנ, דערציילערס אַן
ומאויסמערקשאַסט — דאָס (די), ־ן.
נעאָל. ← אויפֿמערקשאַפֿט. מיר זעען דאָ אַן
אומקאָנצענטרירטקייט, אַן א'.

-

ומאויסנעמיק — אַדי. נעאָל, סטוטש. וואָס
מע קען ניט אויפֿנעמען (מיט די חושים, מיטן
שׂכל). א'ע צוהערערס. א'ע געדאַנקען. ־יקייט.
ומאויפֿנעמפֿעאיק — אַדי. ←
אויפֿנעמפֿעאיק. א, צו שפּראַכן, צו מאַטעמאַטיק.
־יקייט.
ומאויפֿפֿלאַמיק — אַדי. נעאַל. ←
אויפֿפֿלאמיק. א'ער מאַטעריאַל ־יקייט.
—
.
ומאויפֿציילִיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אויפֿציילן. די א'ע שטערן. ־יקייט.
ומאויפֿקלערלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (לאָזט זיך) ניט אויפֿקלערן, דערקלערן.

א'ע מאָטיוון. א'ער סוד „איז צו באַגרענעצט
פֿאַר אַזאַ מיסטישער א'ער דערשײַנונג„„ אפּא,
טמז, 18 1965 II. ־קייט.

ומאויסרײַסיק — אַדי. נעאָל. ←
אויפֿרײַסיק. א'ע שטאָפּן.

ומאויסריכטיק — אַדי. ← אויפֿריכטיק.
„צי די מענטשן אין זײַן נאָענטסטער סבֿיבֿה
זײַנען א„ פֿאַרשלאָסן אין זיך, שלעכט
געשטימט„„ פֿגעז, ווילנע 24 1932, No. ־יקייט
— „קיינער האָט אים ניט באַשולדיקט אין א'“,
יג, צוק, 1963, 12.
ומאויקען — אוטוו. ־קע אום, ~געאויקעט.
אַ לענגערע צײַט אויקען (←). א אַ גאַנצן טאָג.
,
־עניש.
ומאומבּרענגלעך — אַדי. נעאָל, מאַטעס
דײַטש. [נר]. ← אומבּרענגלעך.
ומאומקערלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט

צוריקקערן, צוריקגעבן, ברענגען אויף צוריק.
ווב ראָכקינד־שקליאַר. [נר].
ום און אום — אַדוו. אַרום און אַרום,
אומעטום. „א, א, א, זעט מען מערניט ווי טרויער„,
אמד, די אידן אין וואַרשוי, ווילנע 1869. “איך
בין געווען א, א, א, די כּפּרה־הינדל בײַ
אַלעמען“, [פֿרומקין], וויגדעריל בן וויגדעריל,
וואַרשע 1870. „וואָרן איבֿדיא וואָך קומען זיך אַהין
צום הויף [=צונויף] אַלע אַרענדאַרעס פֿון א, א,

אומאונטער(גע)בראָכן

א, מכּח די אַרענדעס„, יפּ. „א, א, א, האַלט מען
פֿון מיר גאָר עולם ומלואו“, זלמן סאָבעל,
זיווגים, וואַרשע 1874.
אומאונטער(גע▯בראָכן — אַדי. דטשמ.
נר. אומאויפֿהערלעך, וואָס איז אָן אַ הפֿסקה.
„...אַ שרעקלעכע שטילע האָט אומאונטערבראָכן
געהערשט“, נ. האָפֿמאַן, דער פֿאַלשער פֿעטער,
ווילנע 1880. „זײַן האַרץ פֿונקציאָנירט...כּסדר,
א'“, ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער. ־קייט
— „אַן אָרגאַנישער רעזולטאַט פֿון דער
לאַנגיאָריקייט און אומאונטערבראָכנקייט פֿון לעבן
פֿון פּוילישן יידנטום“, יעקבֿ לעשצינסקי, אַלענ,

ו, נ״י 4 19.
אומאונטערגעהאָלפֿן — אַדי. ←
אונטערגעהאָלפֿן. אַן א'ענער עקזאַמען. ־ערהייט — אַדוו.
אומאונטערגעוואָרפֿן — אַדי. 1.
ניטאונטערגעוואָרפֿן. א'ענע גניבֿה. א'ענע ממז(י)־רים. 2. וואָס איז ניט אונטער קיין שום רשות אָדער מאַכט. א'ענער שבֿט. א'ענער אַמט.
־קייט.
אומאונטערגעהתמעט — נ...כאַסמעט]
אַדי. ← אונטערגעחתמעט. אַן א'ער דאָקומענט.
־ערהייט — אדוו.

אומאונטערגעקויסט — אַדי. ←
אונטערגעקויפֿט. א'ער באַאַמטער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאונטערגעשטיצט — אַדי. ←
אונטערגעשטיצט. אַן א'ער פֿאָרשלאָג ־ערהייט —
.
אַדוו.
אומאונטערגעשריבן — אַדי. ←
אונטערשרייַבן. א'ענע קאָנטראַקטן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאונטערדריקלעך — אַדי. נעאָל,
סטוטש. וואָס מע קען ניט, וואָס לאָזט זיך ניט
אונטערדריקן. א'ע פֿעלקער ־קייט.
.
אומאונטערקויפֿלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט אונטערקויפֿן. אַן א'ער ריכטער. ־קייט.
אומאונטערשטיצבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
 דוווו.
אומאונטערשטיצלעך — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט אונטערשטיצן פֿאַרטיידיקן. א'ע
,
פּעטיציע, בקשה. א'ע פּראָגראַם. ־קייט.
אומאונטערשיידעוודיק — אַדי. סטוטש.
וואָס מע קען ניט אונטערשיידן. קליינע א'ע
אַנדערשקייטן.
אומאַז אַטיש — אדי. וואָס איז ניט אין דער
,
טבֿע פֿון אַן אַזיאַט. "ס'איז א, צו טרויען די
ווײַסע פֿעלקער", רייד ־קייט.
.
אומאַהדות — [...אַכדעס] די (דאָס), ־ן.
אומאייניקייט. "בײַ אונדז אין פֿאַראיין האָט
לעצטנס זיך אַרײַנגעריסן א'".
אומאַהדותדיק — אַדי. ← אַחדותדיק. א'ע

משפּחה. ־יקייט.
אומאַהריות — [אַכרײַ'עס] די (דאָס), ־ן.
דאָס פֿעלן פֿון געפֿיל פֿון חיובֿ. „אַזאַ
לײַכטזיניקייט לאָזט זיך דערקלערן נאָר מיט א'“.
אומאַהריותדיק — אַדי. ← אַחריותדיק. א'ע
מיטגלידער. ־יקייט.
אומאַטאָמיזירט — אַדי. ← אַטאָמיזירן. א'ע
אונטערוואַסערשיפֿן. א'ער ים־פֿלאָט.

517

אומאַטאַקירט — אַדי. ← אַטאַקירן.
ניטאַטאַקירט; ניט־אָנגעגריפֿן. דער וויכטיקער
סטראַטעגישער פּונקט איז געבליבן א, פֿון
שׂונא ־קייט.
אומאַטלעטיש — אַדי. ← אַטלעטיש. א'ע
יוגנט. —קייט.
אומאַטראַקטיוו — אַדי. ← אַטראַקטיוו. א'ע
מאָדעלקע. ־קייט.
אומאיבערבײַט(עווד)יק — אַדי. וואָס
מע קען ניט איבערבײַטן. אַן א'ער אָפּמאַך.
־יקייט.

אומאיבֿערגעאײַלט — אַדי. ←
איבֿערגעאײַלט. א'ער באַשלוס. ־קייט.
אומאיבֿערגעאַנדערשט — אַדי. ←
איבֿעראַנדערשן. ניט־געביטן. בלײַבֿן א'. ־קייט.
אומאיבֿערגעאַקערט — אַדי. ←
איבֿעראַקערן. שטיקל א'ער באָדן.
אומאיבֿערגעאַרבעט — אַדי. ←
איבֿעראַרבעטן. א'ע פֿעלצן.
אומאיבֿערגעבויט — אַדי. ← איבֿערבויען.
דער א'ער פֿאַסאַד פֿון בנין. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבֿערגעביטן — אַדי. ← איבֿערבײַטן.
„איך האָב שוין גענומען טראָגן דאָס קליידל,
ווײַל עס איז געבליבן א'„, רייד. ־קייט —
„עס שרעקט מיך די א, אין דעם אופֿן טראַכטן“,
ימ.
אומאיבֿערגעבלעטערט — אדי. ←
איבֿערבלעטערן. די א'ע זײַט פֿון טאָגבוך.
אומאיבֿערגעבעטן — אַדי. ←
איבֿערגעבעטן. “אַן א'ענער ברוגזט ער זיך“. ־ערהייט
— אַדוו.
אומאיבֿערגעבראָכן — אַדי. ←
איבֿערגעבראָכן פֿון [ר, מענדל סאַטאַנאָווער] ציט זיך אַן
„ .
א'ענע ליניע ביז צו מענדעלע מוכר־ספֿרים„,

ימ, ייִשפּ 2 ,III X. קייט.
אומאיבּערגעגעבּן — אַדי. ←
איבּערגעגעבּן. וואָס ווײַזט ניט אַרויס קיין
צערטלעכקייט, געטרײַשאַפֿט. א'ענע קינדער ־קייט —
.
אַרויסווײַזן א, צו די עלטערן.
אומאיבּערגעדעקט — אַד. ←
איבּערדעקן. אַן א, טעפּל.
אומאיבּערגעדרוקט — אדי. ←
איבּערדרוקן. די איינציקע, א'ע אויסגאַבּע.
אומאיבּערגעדרייט — אַדי. ←
איבּערדרייען. פּינקטלעכע א'ע פּרטים. ־ערהייט —
אַדוו.
אומאיבּערגעוואַקסן — אַדי. פּפֿ: ~
געוואָקסן. ← איבּערוואַקסן. "די דינע א'ענע
סאָסנע טיילט זיך ניט אויס פֿון די אַרומיקע
בּלעטערבּיימער".
אומאיבּערגעוואַשן — אדי. ←
איבּערוואַשן. עסן די פּירות א, ־ערהייט — אדוו.
.
אומאיבּערגעוויקלט — אַדי. ←
איבּערוויקלען. אַן א, עופֿעלע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבּערגעווישט — אדי. ←
איבּערווישן. א'ע גלעזער, כּלים. ־ערהייט — אַדוו.

אומאיבערגעזאָגט — אדי. ← איבערזאָגן.
„דער פּלפּול איז אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט אַז ער בלייַבט א'". ־ערהייט — אַדוו. געדענקען א'.

אומאיבערגעציי גט

אומאיבערגעזעגט — אַדי. ← איבערזעגן.
אַן א'ער קלאָץ ־ערהייט — אַדוו.
.
אומאיבערגעזעצט — אַדי. ← איבערזעצן.
אַן א, ווערק ־ערהייט — אַדוו.
.
אומאיבערגעהזרט — אַדי. ←
איבערחזרן. 1. וואָס מע האָט דאָס אייגענע ניט געטאָן אויפֿסניי. א'ע רייד. 2. וואָס מע האָט ניט געלערנט נאָך איין מאָל. אַן א'ע לעקציע.
־ערהייט — אַדוו.
אומאיבערגעטיילט — אַדי. ←
איבערטיילן. שלאָפֿן אַלע צוזאַמען אין אַן א'ער קאַמער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבערגעטראָגן — אַדי. ←
איבערטראָגן. א'ענע פּעק.
אומאיבערגעטראַכט — אַדי. ←
איבערטראַכטן. א'ע רייד. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומאיבער(גע)טראָפֿן — אַדי. דטשמ. נר.
→ אומאיבערגעשטיגן.
אומאיבערגעטריבן — אַדי. →
איבערטרייַבן. וואָס איז אָן גוזמא. זאָגן א'ענע שבֿחים.
אָנוויַיזן אויף א'ענע חסרונות. ־ערהייט —
אדוו. ־קייט.
או'מאַי'בערגעלייגט — אַדי. 1. וואָס מע
האָט געזאָלט איבערלייגן (→) אויף אַן אַנדער
אָרט, אָבער ניט געטאָן. א'ע ביכער. 2.
אומבאַטראַכט, וואָס איז אָן ישוב־הדעת. „אַנדערע
וואָס טוען זיי נאָך א'„, קמ, 32 1865, No.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — אַ ריזיקאַלישע
א'.
אומאיבערגעלייענט — אַדי. →
איבערלייענען. א'ע ביכער, בריוו. ־ערהייט ▯—
אַדוו.
אומאיבערגעלעבט — אַדי. →
איבערגעלעבט. באַשרייַבונגען וואָס זיַינען אומעכט, א'.
אומאיבערגעמאַכט — אַדי. וואָס מע האָט
געזאָלט איבערמאַכן (→), אָבער עס ניט
געטאָן. לאָזן אַלץ א'. —ערהייט — אַדוו.
אומאיבערגענייט — אַדי. וואָס מע האָט
געזאָלט איבערנייען (→), אָבער עס ניט

געטאָן. א'ע מלבושים. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבערגעפּאַקט — אדי. וואָס מע האָט
געזאָלט איבערפּאַקן (←.), אָבער עס ניט געטאָן.
א'ע סחורה. ־ערהייט — אַדוו. אַוועקשיקן
דעם באַגאַזש א,.

-

אומאיבערגעסירט — אדי. ← איבערפֿירן.
1. וואָס איז ניט קאַליע געוואָרן. „ביידע קינדער
האָט מען פֿאַרצויגן, אָבער דאָס ייִנגערע קינד
איז געבליבן א,“. 2. וואָס מע האָט געזאָלט
אַריבערפֿירן, אָבער עס ניט געטאָן. דער א'ער
באַגאַזש ־קייט.

.

אומאיבערגעסרעגט — אדי. ←
איבערפֿרעגן. א'ע פֿראַגעס ־ערהייט — אַדוו.

.

אומאיבערגעצויגן — אַדי. ←
איבערגעצויגן. „ער באַרימט זיך מיט זײַן א'ענעם פעלץ
— ער מוז וועלן גילטן פֿאַר אַ צדיק אין פעלץ,,,

קמ, 1865 No '19.
אומאיבערגעצײַגט — אַדי. →
איבערגעצײַגט. 1. וואָס איז ניט באַווירקט געוואָרן (פֿון ראַיות, רייד). בלייַבן אַן א'ער נאָך אַלע באַווײַזן. 2. וואָס האָט ניט די זיכערקייט (האָט ספֿקות). א'ע מיטלויפֿערס. ־ערהייט — אַדוו.

אומאיבערגעצייכנט

אומאיבערגעצייכנט — אַדי. וואָס מע האָט געזאָלט איבערצייכענען (→), אָבער עס ניט געטאָן. דער א'ער פּלאַן.
אומאיבערגעציילט — אַדי. → איבערציילן. א, געלט. „ווער גיט דער כמאַרע איר לויף וואָס...מיט אַזוי פֿיל א'ע בלישטשעדיקע טראָפּן באַפֿײַכט זי די געוויקסן פֿון דער ערד?“, דאָס איינינאיינציגע קינד, איבז, לובלין 1877. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאיבערגעקאָכט — אַדי. 1. וואָס מע האָט געזאָלט איבערקאָכן (→) און עס ניט געטאָן. א'ע וועש. 2. וואָס דער מאָגן האָט עס ניט גוט פֿאַרדײַט. אויסברעכן דאָס א'ע. 3. וואָס מע האָט עס ניט רעכט באַנומען מיטן שׂכל. אַן א'ער רעיון. ־ערהייט — אַדוו.

אומאיבֿערגעקויפֿט — אַדי. ←
איבֿערגעקויפֿט. אַן א'ער בּאַאַמטער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאיבֿערגעקוקט — אַדי. ←
איבֿערגעקוקט. 1. ניט־איבֿערגעלייענט. אַן א'ע קאָמפּאָזיציע. 2. ניט־קאָנטראָלירט. א'ע מזוזות. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבֿערגעקליבֿן — אַדי. ←
איבֿערקלײַבֿן. א'ענע אַרבֿעס. א'ענע ווערטער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאיבֿערגעקליג(ל)ט — אַדי. וואָס מע האָט ניט געקענט איבֿערקליגן (←.) אָדער איבֿערקליגלען (←). א'ע המצאה. א'ער יועץ. ־קייט.
אומאיבֿערגעקלערט — אַדי. ←
איבֿערקלערן. אומבֿאַטראַכטער, א'ער ענטפֿער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאיבֿערגעקערט — אַדי. ←
איבֿערקערן. א'ע, האַלבֿ־רויע פּלעצלעך. ־ערהייט — אַדון.
אומאיבֿערגערוקט — אַדי. וואָס מע האָט געזאָלט איבֿעררוקן (←), אָבֿער עס ניט געטאָן. דאָס א'ע מעבֿל. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבֿערגעריסן — אַדי. ← איבֿעררײַסן.

א'ענע ליניע. „טראַכט אין טערמינען פֿון א'ענער אייגענער גײַסטיקער אַנטוויקלונג“, ימ, קוד, I ,1961. ־קייט — „איין וועלטפֿאָלק, איין א„ איין שטראָם געשיכטע„, ימ, שמעון דובנאָוו.

1. וואָס מע האָט געזאָלט וועגן דעם נאָך רעדן, אומאיבערגערעדט — אַדי. ← איבעררעדן.

אָבער ניט גערעדט. געבליבן א, און אָן אַ באַשלוס. 2. אומדערמאָנט, אומאויסגערעדט. „ס'איז גלײַכער אַז עס בלײַבט א'„. 3. וואָס איז געבליבן אָן באַקלאָגן זיך, אָן טענות. „ער איז אַ שווײַגער, בײַ אים בלײַבן די פֿאַרדראָסן א„„ רייד. ־ערהייט — אַדוו.

אומאיבערגערעכנט — אַדי. ←

איבעררעכענען. אַ טעותדיקער, אַן א'ער חשבון. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומא בערגעשאַצט — אַדי. ←

אַיבערשאַצן. 1. וואָס מע האָט אָנגעוויזן דעם ריכטיקן ווערט, אָן גוזמא. אַן א'ער וואַלד. 2. וואָס מע האָט וועגן דעם געזאָגט מעלות ניט מער ווי עס פֿאַרמאָגט. אַן א, ווערק ־קייט.

—

.

אומאיבערגעשטיגן — אַדי. ←

איבערשטײַגן. וואָס מע האָט צו העכערס (בעסערס,

מער) פֿון דעם ניט דערגרייכט. א'ענע
רעקאָרדן. □קייט.
אומאיבערגעשטעלט — אַדי. וואָס מע האָט
געזאָלט איבערשטעלן (←.), אָבער עס ניט
געטאָן. א'ע רייען.
אומאיבערגעשניטן — אַדי. ← איבערשנײַדן.
א'ענע סטענגע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבערגעשפּיצט — אַדי. ←
איבערגעשפּיצט. „רופֿט אים ניט שוטה, ער איז נאָר אַן
א'ער„, רייד. ־קייט.
אומאיבערגעשראָקן — אַדי. ←
איבערגעשראָקן. וואָס לאָזט זיך ניט דערשרעקן,
איבערשרעקן. א'ענער קעמפֿער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבערגעשריבן — אַדי. 1. וואָס מע
האָט געזאָלט איבערשרײַבן (←.), אָבער עס ניט
געטאָן. אַן א'ענע קאָמפּאָזיציע, היימאַרבעט. אַן
א'ענער כּתבֿ־יד. 2. וואָס איז ניט פֿאַרשריבן
(אָפּגעשריבן) געוואָרן בײַ אַ נאָטאַר אָדער אין אַ
היפּאָטעקן־אַמט דורך די צדדים (בײַם קויפֿן
אומבאַוועגלעך אייגנטום). „האָט אַ הויז

געקויפּט פֿון אַן ערל...דער ערל איז אַוועק אין קריג...[דאָס הויז איז] געבליבן
אומאיבערשריבן", ר, יוסף מרדכי גינצלער, חזון ישעיה, טארנא (סלאָוואַקײַ), 1929. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיבערדערציילט — אַדי. ←
איבערדערציילן. א'ע עפּיזאָדן פֿון די גרויליקע יאָרן.
אומאיבערדריסיק — אַדי. ← איבערדריסיק.
א'ע פּרטים פֿון די אַמאָליקע פּאַסירונגען.
אומאיבערווינדלעך — אַדי. אַרכ. וואָס מע קען ניט גובֿר זײַן, איבערשטײַגן. ,,זײַן גרושׂי אונאיברווינדליכה שטערקי,,; ,,דרום וועלן מיר דען אוהנאיבּרווינדליכן גאָט לובּן,,, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718.
אומאיבערזעצבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. ,,וואָס מאַכט זיי פּאַר פֿרעמדלינגען, א'ע אין וועלט־ליטעראַטור,,, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן...
אומאיבערזעצלעך — אַדי. נעאָל. ←
איבערזעצלעך. וואָס מע קען ניט (גענוג גוט, גענוג פּינקטלעך) איבערגעבן אויף אַן אַנדער לשון.
דער אויסדרוק איז א'. אַן א, ווערק. ־קייט.
או'מאיבערטראָ'פֿן — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען בּעסער (שענער, שטאַרקע□) ניט מאַכן,

דערגרייכן. „מאָלט בילדער פֿונעם ניו־יאָרקער
געטאָ — דאָס איז אײַער זשאַנער. דאַן וועט איר
זײַן גרויס. איר זענט שוין א'„, שע־בריוו
[היימיש, שבֿט תּשי״ט].
אומאיבערטרעגלעך — אַדי. ←
איבערטרעגלעך. וואָס מע קען ניט איבערטראָגן. א'ע
פּײַן, לײַדן. „איך וועל ווערן א, פֿול מיט צאָרן“
ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ,
מינעאַפּאָליס 1900. ־קייט.
אומאיבערטרעטבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
□. דזוון.
אומאיבערטרעט□יק, ־לעך — אַדי. נעאָל.
וואָס מע קען (טאָר) ניט איבערטרעטן, עובֿר
זײַן. א'ע געזעצן. א'ע פּריוואַטע פֿעלדער.
־(י)קייט.
אומאיבערטרעפֿלעך — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומאיבערשטײַגלעך. „די רומענישע דוינעס, אין

אומאיבערשפּאַנבאַר

וועלכע ער איז געווען אַן א'ער מײַסטער„, ש.
וויגאָדאַ, פֿאָר, 1963 □י 19. ־קייט — „דער
מעכטיקער רעגירט...באַשטימט דאָס רעכט און

דאָס אַלץ בלויז אויפֿן סמך פֿון זײַן שטאַרקייט און א'", ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, ב"א 1949.

אומאיבערלייגונג — די, ־ען.

אומבאַטראַכטקייט. דאָס וואָס איז אָן ישובֿ־הדעת. „און פֿון וואָס איז דאָס איר געקומען? פֿון אַ קליינעם פֿאַרזען, פֿון א'", חובֿבֿ, איין נײַע מעטאָדע ווי גיך קראַנק צו ווערדען, ווילנע 1883.

אומאיבערליי'גט — אַדי. דטשמ. נר. דזוו או'מאַי'בערגעלייגט. „אַ סך זײַנען געלאָפֿן א, וואָס דער תּכלית וועט זײַן", ייִפֿאָל, 1 1881, No. „וועד איז דער נאַר וואָס איז אַזוי א'...דאָס ער זאָל פֿאַרטוישן...אַ תּענוג וואָס אימער און עוויג דויערט פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן וואָס דויערט נאָר לפֿי שעה", עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 1866. „זייערע א'ע פלאַנען", אמד, דער אידישער פּאָסלאַניק, ווילנע 1880. אויך מיט ־הייט — „לאָז זי זען, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט מיט איר א',,, עוזר בלאָשטיין, די פּינצטערע וועלט, ווילנע 1889.

אומאיבערצײַגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דזווו, ← אומאיבערצײַגעוודיק.

אומאיבערצײַגלעך — אַדי. מאַרק ווב. דזוו אומאיבערצײַגעוודיק. ־קייט.

אומאיבּערצײַגנדיק — אַדי. ← דוווו. „זעט
אויס...קליין, אומוויכטיק און דער עיקר — א'“,
יג, טמן, 8 3□19 II.
אומאיבּערצײַגעוודיק — אַדי. ←
איבּערצײַגעוודיק. וואָס ווירקט ניט ווי אַ בּאַווײַז; וואָס
האָט ניט דעם כּוח אָדער די מאָטיוון אויף
איבּערצײַגן. א'ע בּאַווײַזן. ־יקייט.
אומאיבּערקויפֿלעך — אַדי. ←
איבּערקויפֿלעך. אַן א'ער ריכטער. ־קייט.
אומאיבּערקלײַבּעריש — אַדי. ←
איבּערקלײַבּעריש. א'ע כּלה־מויד. א'ער קונה□ ־קייט.
אומאיבּעררײַסבּאַר — אָדי. דטשמ. נר. ←
דוווו. „זײַנע טיילן מוזן ליגן איינער האַרט
לעבּן דעם אַנדערן אָן אַ שום שטח צווישן זיי...
דה דער רוים איז א'„ זשיס II.
אומאיבּעררײַסלעך — אַדי. ←
איבּעררײַסלעך. וואָס מע קען (דאַרף) ניט איבּעררײַסן. אַן
א'ע קייט (געשעענישן). אַן א'ע פֿונקציע. „אַ
בּאַזונדער מעדיום וואָס געפֿינט זיך א, אין
שטח“, גוטנ. „סײַ די אַגדה און סײַ די הלכה
ווערן פֿאַרקניפּט, כּמעט א', מיט דעם אַלטן
תּורהטעקסט און זיי ווערן פֿון אים אַרויסגעדרונגען
בּדרך עקזעגעטיק“, א. ליפּינער, איק, פּסח

תּשכ,,ד. ־קייט.

אומאיבּערשאַצלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט איבּערשאַצן (←.). א'ע עשירות. ־קייט.

אומאיבּערשטײַגלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט איבּערשטײַגן (←), טאָן בּעסער. א'ע מײַסטערשאַפֿט. ־קייט.

אומאיבּערשפּאַנבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט אַריבּערשפּאַ□ען, איבּערטרעטן. ,,א'ע קאָנטראַסטן“, ראָקער, נאַציאָנאַ□ ליזס און קולטור, בּ“א 1949.

אומאידיאָמאַטיש

אומאידיאָמאַטיש — אַדי. ← אידיאָמאַטיש. ,,אַ קאָנדענסאַציע פֿון צוויי...א'ע גענוצן פֿון אַקוראַט דעם זעלבּן מין,,, אאר, ייִשפּ II □י1 ,X. ־קייט.

אומאידייאיש — אַדי. ← אידייאיש. וואָס איז ניט צוגעבּונדן צו אַן אידיי(ע). ,,דער צדקהגעבּער איז ניט געווען קיין אַנטי־ציוניסט און אַפֿילו ניט קיין ניט־ציוניסט. ער איז בּלויז געווען א',,, ש. בּיקל, טמז, 1960 □י22 .I. ־קייט.

אומאידעאַליסטיש — אַדי. ←
אידעאַליסטיש. א'ע יוגנט. ־קייט.
אומאידענטיש — אַדי. ← אידענטיש. א'ער צווילינג. ־קייט.
אומאיזאָלירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט איזאָלירן (←). א'ע דראָטן. ־קייט.
אומאיטאַליעניש — אַדי. ← איטאַליעניש. א'ע קלאַנגען, פּירונגען.
אומאייבּיק — אַדי. ← אייבּיק. "אַלץ וואָס עקסיסטירט אין צײַט איז א',,. ,,דיא צורה פֿון דען מענשן איזט...איין אוהנאייבּיגי ווערונג,,, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718. ־יקייט.
אומאייגן — אַדי. ← אייגן. אויך: וואָס איז ניט ווי געוויינטלעך; פֿרעמד. ,,האָט זיך געפֿילט א, אין אַזאַ הויט", אַקרוטני, טמז, 12 ◻ 1953 I.
אומאייגנאַרטיק — אַדי. היפּוך פֿון אייגנאַרטיק ←. א'ע שטריכן, געוואוינהייטן. ־יקייט.
אומאייגנדיק — אַדי. דזוו אומאייגן. וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש. אַ נײַער, א'ער שטריך.
אומאייגנוויליק — אַדי. ← אייגנוויליק. א'ע מעשׂים. ־יקייט.
אומאייגנטימלעך — אַדי. היפּוך פֿון

אייגנטימלעך ←. א'ע שטריכן. ־קייט.
אומאייגננוציק — אַדי. ← אייגננוציק. א'ע
ליבּע. „געקעמפֿט פֿאַר רעכט און פֿרײַהייט
היציק, א“, בּירך שאַפֿיר, מעלאָד□ען, קראָקע
1886. ־יקייט — „מחמת דער אַבּסאָלוטער א,
פֿון זײַן גרינדער„, ש. ווינער, עטיק, ישׂראל
1963. אויך: ־ניציק — „אַ מוטער איז געוויס
א'„, איש יהודי [לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער,
פּעטערבּורג 30 1901, No.
אומאייגנס — דאָס. מצ נבּ. ← אייגנס. דאָס
וואָס עס איז ניט אייגן, פֿרעמד, זײַטיק. „
אויסצוהיטן דאָס אינעווייניקסטע לעבּן קעגן דעם
אַרום פֿון א', פֿון אומפּערזענלעכקייט און
צבֿיעות„, ש. בּיקל, טמז, 8 1957 XII.

-

אומאייגנשאַסט — די, ־ן. נעאָל. ←
אייגנשאַפֿט. שלעכטע, ניט־געראָטענע אייגנשאַפֿט.
„דאָס זײַנען אַלץ זײַנע א'ן. האָסטו עפּעס גוטס
צו זאָגן וועגן אים?“, רייד.
אומאייגענע(ר) — די (דער). סובּ. ווער עס
איז געבּליבּן פֿרעמד, זײַטיק, ניט קיין
אייגענער (←). זיך פֿילן ווי אַן א'ר אין דעם
געזעמל קרובֿים.

אומאיידל — אַדי. ← איידל. אַן א'עלע
באַציאונג. „פּראַקטיציִרן דיזע א'עלע פּראָפֿעסיאָן“,
אמד, נטע גנבֿ, ווילנע 1887. „קלינגט אַ ביסל
צו א'„, טמז, 14 IX 1964. א'עלער שטיין =

519

וואָס קאָסט ניט קיין סך. א'עלער מעטאַל. „
קופּער און איַיזן זיַינען א'עלע מעטאַלן פֿון אַ
קנאַפּער ווערדע“, א. לעף, ייִבל 7 ,XIII־8.
־קייט.
אומאיַיליק — אַדי. ← איַיליק. א'ע
באַשטעלונג. ־יקייט.
אומאיַילן — איַיל אום, ~געאיַילט. אוטוו —
באַוועגן זיך, טאָן בחיפּזונדיק, אין איַילעניש.
א, ווי אין (בעת) אַ שׂריפֿה. טרוו — צווינגען,
באַפֿעלן צו טאָן גיך; אונטעריאָגן. ״וואָס
איַילסטו מיך אום?„..
אומאיַילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַ לענגערע
ציַיט איַילן זיך, אַרומיאָגן זיך. דזוו אומאיַילן.
זיך א, אַזש עס פֿאַלט אַלץ פֿון די הענט. א, זיך
וו אַ וועווערקע אין ראָד. ־עניש.
י
אומאיַינגעאָטעמט — אַדי. ← איַינאָטעמען.

א'ער גאַז. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעאַרבעט — אַדי. ← אײַנאַרבעטן.
אַן א, געשעפֿט ־ערהייט — אַדוו.
—
.
אומאײַנגעאָרדנט — אַדי. ← אײַנאָרדענען.
א'ע אימיגראַנטן. ־קייט.
אומאײַנגעבויגן — אַדי. ← אײַנגעבויגן.
א'ענער שטאָלץ. ־קייט.
אומאײַנגעבונג — די, ־ען. דאָס וואָס גיט זיך ניט אײַן. דורכפֿאַל. „די א'ען באַוועגן ניט [צו פֿאַרלאָזן] דאָס צו וואָס זיי שטרעבן“, ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
אומאײַנגעבונדן — אַדי. ← אײַנבינדן. א'ענע ביכער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאייַנגעבירגערט — אַדי. ←
אײַנגע־־
בירגערט. 1. וואָס איז (פֿילט זיך, האַלט זיך) פֿרעמד אין אַ נײַ לאַנד, שטאָט אע. א'ע פּליטים. לעבן אין לאַנד ווי אויף אַ וואָקזאַל, א'. 2. ניטגענוג אָנגענומען, פֿרעמדלעך. נײַע, א'ע ווערטער. ־קייט.
אומאײַנגעבראָכן — אַדי. ← אײַנגעבראָכן.
נאָך אַ סך צרות בלײַבן א'. ־קייט.
אומאײַנגעברודיקט — אַדי. ←

אײַנגעבּרודיקט. אַן א, קלייד.
אומאײַנגעגעבּן — אַדי. ← אײַנגעגעבּן. וואָס איז ניט־געראָטן, וואָס איז אַרויסגעקומען ניט (אינגאַנצן) אַזוי ווי מע האָט געוואָלט (פּלאַנירט). א'ענע אונטערנעמונג.
אומאײַנגעגעסן — אַדי. ← אײַנגעגעסן. אַ גוטער, א'ענער פֿאָרמאַן.
אומאײַנגעהאַלטן — אַדי. ← אײַנגעהאַלטן. א'ענער כּעס. א'ענער סוד. „און דאָס...האָט געהאָלפֿן מאַכן אַ גרויסן טייל מענער זײַן אַזוי א, אין דער געשלעכטלעכער לוסט„, בּ. פֿײַגענבּוים איבּז, בּעבּעל, די פֿרוי און דעך סאָציאַליזם. ־קייט.
אומאײַנגעהאַמעוועט — אַדי. ← אײַנגעהאַמעוועט. א'ע תּאווה.
אומאײַנגעהיט — אַדי. ← אײַנהיטן. א'ע ירושה. ־קייט.
אומאײַנגעהייצט — אַדי. ← אײַנהייצן. א'ער אויוון. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעהילט — אַדי. ← אײַנהילן. א'ער קאָפּ. ־קייט.

אומאײַנגעצאָלט
-

אומאײַנגעוואוינט — אַדי. ←
אײַנגעוואוינט. א'ע אַרבעט. ־קייט.
אומאײַנגעוואָרצלט — אַדי. ←
אײַנגעוואָרצלט. א'ע מידות. ־קייט.
אומאײַנגעוואַשן — אַדי. ← אײַנגעוואַשן.
א, פּנים. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײנגעוויגט — אַדי. ← אײַנוויגן.
אײַנ־־
שלאָפֿן א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעוועבט — אַדי. ← אײַנגעוועבט.
באַזונדערע, א'ע פֿעדעם פֿון סיפּור־המעשׂה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאײַנגעזאַלצן — אדי. ← אײַנגעזאַלצן.
א'ענע אוגערקעס. א, פֿלייש. ־ערהייט —
אַדון.
אומאײַנגעזאַמלט — אַדי. ← אײַנזאַמלען.
דאָס ברויט אויף די פֿעלדער איז געלעגן א'.
אומאײַנגעזאַפּט — אַדי. ← אײַנזאַפּן. א'ער
גאַז. א'ע קולטור ־קייט.
.
אומאײנגעזונגען — אַדי. ← אײַנגעזונגען.
־־
אַן א'ער כאָר. ־קייט.

אומאײַנגעזײַערט — אַדי. ← אײַנגעזײַערט.
א'ע אוגערקעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
-
אומאײַנגעזייסט — אַדי. ← אײַנגעזייפֿט.
א'ער קאָפּ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאיינגעזעסן — אַדי. ← אײַנגעזעסן. א'

ענער שבֿט. ־קייט.
אומאײַנגעהזרט — ״..כאַזערט] אַדי. ←
אײַנגעחזרט. א'ער ליגן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעטיילט — אַדי. ← אײַנטיילן. א'ע
ראָלן. א'ע פּאָרציעס. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעטראָטן — אַדי. ← אײַנגעטראָטן.
א'ענע פּאָדלאָגע.
אומאײַנגעלאַדן — אַדי. ← אײַנגעלאַדן.
„איך האָבּ מיר געגרייט אַליין, א', צוצוגיין צום
זון“, טמז, 1964 ״ 28. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעלייגט — אַדי. ← אײַנגעלייגט. א,
געלט. א'ע געבײַדע. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעמאָנט — אַדי. ← אײַנגעמאָנט.
א'ע חובֿות.
אומאײַנגענומען — אַדי. ← אײַנגענומען.
א'ע פֿעסטונג.
אומאײַנגענעם(ען) — אַדי. פֿטמ. ←

אײַנגענעם.← אומאָנגענעם. „דעם קלענסטן אומאײַנגענעמען געפֿיל אין געביט פֿון האַרצן... צונויפֿגעמישט מיט אַן אמתער קראַנקייט פֿונעם האַרצן„ פֿגעז, ווילנע 15 1931, No —קייט.

. ,

אומאײַנגעפּאַקט — אַדי. ← אײַנפּאַקן. א'עו
טשעמאָדאַן. ־ערהייט — אַדוו.

אומאײַנגעסאַסט — אַדי. ← אײַנגעפֿאַסט.
א'ער בריליאַנט.

אומאײַנגעסאָרן — אַדי. ← אײַנגעפֿאָרן.
א'ענע אָ.
ר אויט
אומאײַנגעסונדעוועט — אַדי. ←
אײַנגעפֿונדעוועט. א'ע בעלי־בתּישקייט ־קייט.
.

-

א אײַנגעסרוירן — אַדי. פּפֿ: ~

אײַנגעי

פֿראָרן, לד. ← אײַנגעפֿרוירן. א'ענער טײַך.
־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעצאָלט — אַדי. ← אײַנצאָלן. א'ע
ראַטע. ־ערהייט — אַדוו.

אומאײַנגעצויגן

אומאײַנגעצויגן — אַדי. ← אײַנגעצויגן.
א'ענע הויזן. א'ענער פּאַסיק.
אומאײַנגעצוימט — אַדי. פּפֿ: ~
אײַנגעצאַמט, לד. ← אײַנגעצוימט. א'ער כּעס. א'ע
חבֿרה ־קייט אַרויסווײַזן א'.
— .
אומאײַנגעקאָכט — אַדי. ← אײַנגעקאָכט. א,
פֿלייש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאיינ(גע)קאַסירט — אַדי. ←

אײַנקאַסירן. א'ע שטײַערן.
אומאיינגעקלאַמערט — אַדי. ←
אײַנקלאַ־־
מערן. א'ע באַמערקונג.
אומאיינגעקנייטשט — אַדי. ←
אײַנגע־־

קנייטשט. מע האָט דאָס זײַדענע טיכל געקנייטשט און דאָך איז עס געבליבן א'. ־ ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעריבן — אַדי. ← אײַנגעריבן.
א'ענע פלייצע. א'ענער צונג. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיינגעשטעלט — אַדי. ←
אײַנגע־־
שטעלט. א'ע אָרדענונג. א, געלט. ־ערהייט — אַדוו.
אומאײַנגעשלאָסן — אדי. ← אײַנגעשלאָסן.
א'ענער מאָטאָר.
אומאײַנגעשמוצט — אַדי. ←
אײַנגעשמוצט. א, פנימל.
אומאײַנגעשמירט — אַדי. ← אײַנגעשמירט.
א'ע באַקן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאיינגעשריבן — אַדי. ← אײַנגעשריבן.
־
א'ענע פאָזיציע אין קאַסע־בוך. ־ערהייט — אַדוו.
אום איין האָר — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. דזוו אויף קיין (איין) האָר ניט. ,,דר שוטה בלק מיינט ער דאַרף ניט משנה זײַן א, א, ה,, אונ בלעם זאַך וואַל דז עז גאָט וואַל גיפֿאלט ווען

ער בענשט ישׂראל״, ר, יעקבֿ בּר, יצחק סג״ל
ש״ץ דק״ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ, פּראָג 1763.
אומאײנהײטלעך — אַדי. ← אײנהײטלעך.
א'ער אויסלײג. ־קײט.
אום אײן זונסט — אַרכ. דזוו אומזונסט. „צו
לערנן חכמה וואז אין ניט גלושׂט, איז אַלז
אײן וועק גיווארפֿן אונ, אום אײן זונשׂט״; „דיא
חלומות געבּין נאָך נעמין נישט, דרום איז דאז
פֿשׂטין אום אײן זונשׂט״, צוכט.
אומאײניק — אדי. ← אײניק. 1. וואָס איז
ניט אײַנשטימיק, ניט בּהסכּם מיט עמעצן; וואָס
האָט ניט די זעלבּיקע מײנונג. ״וואַר מען צווישן
זיך אַלץ אַזוי אומשליסיק און א״, אמד, דער
מיליאָנער, ווילנע 1868. 2. וואָס האָט אין זיך
פֿאַרשײדענע ריכטונגען, עלעמענטן. א'ע
פּאַרטײ. „איך וועל שוין דאָ זײַן גאַנץ װײניק, ווײַל
איר זײַט געוואָרן א', דען איך קען נאָר זײַן בּײַ
אַזעלכע יִדן, וואָס דאָרט איז אַן אײבּיקע
פֿרײדן...״, אמד, די לײדיגע װינצונגען, ווילנע
1868. ־יקײט — „אַלי...אום אײניקײטן
קינפֿטיג פֿאַרגעשׂן בּלײַבּט״, אגרת שלמה, יח/א.
„שטרײַט און, אונאײניקײט אין זײַנם הויז״,
אליהו בּר, ליזר קוטנים איבּז, תּלמיד צחקן
מוסרי, אַמשט 1692. ״דען עשׂ איז גאַר שטאַרק

דיא אום אייניקייט צווישן דיא נשמה אונ, גוף", בע, כה, 2. "אין דער לעצטער צייַט האָט מען

520

זיך געשראָקן וועגן א'ן אין דער
אָריענטאַלישער פּראַגע", קמ, 1868, No 10.
אומאייניש — אַדי. אַרכ. אומאייניק, צעקריגט
(מילדערער אויסדרוק). ,,האָט עש גיסי ר, יוסף
סג"ל ערשט גיוואָר ווארין, וועלכיר באותו פעם
איזט מיט אים ע"ה אום אייניש גיוועזין, איזט
בבֿיתי גיקומין,,, גה, 197.
אום איין לויט — אַדוו פּראַזע. אַרכ. דזוו אויף
קיין האָר (ביסל) ניט. ,,הונדרט טויזנט צענטנר
זאָרג גיהעלפֿן ניט אום איין לוט,,, צוכט.
אומאייננעמבאַר — אדי. דטשמ. נר. ←

-

-

דוווו. "אַן א'ע פּעטטונג", לאיזע, דעם קעניגס
געשעפֿטספֿערזאָרגער, בוקאַרעשט [יאָר].
אומאייַננעמיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אייַננעמען, באַצווינגען, באַהערשן. א'ע

פּאָזיציע. ־יקייט.
אום איינס ווערן — צזוו. אַרכ. זיך
פֿאַראייניקן. שליסן שותּפֿות. "זיא וואַרן אונטר אַננדר
אונ איינשׂ ווארדן, דיא פּריצים, אונ'...זיא האבֿן
פֿר טילגט אונ, פֿר דערבֿט דשׂ לאַנד", יוסיפֿון,
אמשט 1□□1.
אומאיינקאַסירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
--
קען ניט אײַנקאַסירן. א'ע צוזאָגן, חובֿות. א'ער
נדן.
אומאיינשטימונג — די, ־ען. דאָס וואָס איז
ניט בּהסכּם כּולם, דאָס וואָס שטימט ניט מיט
עפּעס וואָס איז אײַנגעשטעלט. „די א, וועלכע
האָט געפֿאָדערט אַ רעפֿאָרעם פֿון בּאַגריפֿן",
גוטנ.
אומאיינשטימיק — אָדי. ניט־איינשטימיק.
וואָס איז ניט לויט איין מיינונג; וואָס שטימט
ניט צווישן זיך, צוזאַמען. א'ער בּאַשלוס.
־יקייט — א, צווישן די מיטגלידער פֿון
צענטראַל־קאָמיטעט.
אומאיינשטימיק — אַדי. וואָס איז ניט
-
מסכּים; וואָס האָט אַן אַנדער מיינונג. א'ער
פֿאַרוואַלטונג־מיטגליד.

אומאײנשטימיקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומאײַנשטימיק. „אין וואָס עס איז בּאַשטאַנען די א, צווישן
דער נײַער שטראַלונג און די אַלטע מעכאַנישע
געזעצן“, גוטנ. „די א, צווישן דער התגלות און
די שׂכלדיקע אמתן“, א. י. העשל, דווקא, No
1 ־42.

אום אײערנט ווילן — פֿראַזע. אַרכ. צוליבֿ

— —

אײַך פֿאַר אײַערטוועגן. מע) פֿאַרטײַטשט 'גם בּי

,

התאנף ה, בּגללכם, (דבֿרים, א, 37): „אום
אייהרנט ווילן“ [תּי: „איבּער אײַך„].

אומאייסאָניש — אַדי. וואָס קלינגט ניט גוט.
א'ע מוזיק. ־קייט — „דאָס פֿירט צו א'“, אַלף
כּץ, ייִשפּ XXIII, 1.

אומאייראָפּעאיש — אדי. ניט־אייראָפּעאיש.
אויך: פּרימיטיוו; ניט גענוג קולטורעל. א'ע
פֿירונגען ־קייט.

.

אומאילוזאָריש — אַדי. ← אילוזאָריש. א'ע
פֿלענער. ־קייט.
או'מאימאַנע'נט — אַדי. ← אימאַנענט. א'ע
פֿילאָסאָפֿיע ־קייט.

·

אומאימיטירלעך — אדי. וואָס מע קען ניט
אימיטירן, נאָכמאַכן. א'ע זשעסטן. א'ער
פּראָדוקט. ־קייט.

אומאיצטיק

או'מאימינע'נט — אַדי. ← אימינענט. א'ע
געפֿאַרן.
או'מאימפּאָזאַ'נט — אַדי. ← אימפּאָזאַנט.
א'ער פּאַראַד. ־קייט.
אומאינדיווידועל — אַדי. ← אינדיווידועל.
גרייטע, א'ע רייד־אופֿנים ־קייט.

·

אומאינהאַלטלעך — אַדי. וואָס האָט ניט
גענוג אינהאַלט. א'ע רייד. א'ע מאָלערײַ =
וואָס גיט ניט איבער קיין בילד. ־קייט —
„זיי איז געלונגען צו דערגיין צום אמתן
שטיללעבן און א'“, יג, תּוך.
או'מאינטי'ם — אַדי. ← אינטים. א'ע

באַציאונגען. ־קייט.
אומאינטעגרירט — אַדי. ← אינטעגרירט.
א'ע שולן. ־קייט.
או'מאינטעליגע'נט — אַדי. ←
אינטעליגענט, אַדי. „זײַן לייענען ווערט עפּעס אַ
מעכאַנישע זאַך — און דאָס איז דער א'סטער
סאָרט לייענען“, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. „ווײַטער איז אַ חילוק פֿון אַן
אינפֿאָרמאַטאָר אַן א'ן ביז אַן אינטעליגענטן“, מוו, ייִפֿאַ,
1938, 10. ־קייט — “דאָס רעדן ענגליש מיט
אַן אַקצענט גילט דאָך נאָך אויך פֿאַר אַ סימן
פֿון א'“, בצג, טאָג, 9 1963 II.
אומאינטעליגענטיש — אַדי. ←
אינטעליגענטיש. א'ע באַמערקונגען. ־קייט.
או'מאינטעלעקטוע'ל — אַדי. ←
אינטעלעקטועל. א'ער עולם. —קייט.
או'מאינטענסי'וו — אַדי. ← אינטענסיוו. א'ע
באַמיאונגען ־קייט.

.

אומאינטערעס — דער, ־ן. 1. ניט־גענוגיקער
אינטערעס. הערן אַ לעקציע מיט א'. 2.
גלײַכגילט, ניט־פֿאַראינטערעסירטקייט. אַרויסווײַזן א,
צו עפּעס, עמעצן. „דאָרט פֿאַרקלײַבט זיך אין
דער נשמה דורכויסיקער א, פֿראָסטיקע

גלײַכ,
גילט צו יעדן מין ייִדישקייט“, לע, טמז,
 19 I י 7.
או'מאינטערעסאַ'נט — אַדי. ←
אינטערעסאַנט. ”וואָס לענגער אַ...פּראָגראַם לויפֿט, אַלץ
בּאַנאַלער, אויסגעוועפּטער, א'ער ווערט ער„,
ג. זאַלאָוויץ, פֿאָר, 6 1963 I. ־קייט.
אומאינטערעסירט — אַדי. ל2. וואָס האָט
ניט (ווײַזט ניט אַרויס) קיין אינטערעס. דזוו
אומפֿאַראינטערעסירט. בּלײַבּן א'. א'ער עולם.
־קייט.
או'מאינסטינקטי'וו — אַדי. ←
אינסטינקטיוו. א'ע רעאַקציע.
אומאינסטרואירט — אַדי. . אינסטרואירט.
א'ע אָפּאָזיציע.
אומאינספּירירט — אַדי. ← אינספּירירט.
א'ע מאַסע. ־קייט.

אשאינסאָרמירט — אַדי. ← אינפֿאָרמירט.
„אָבּער וואָס שייך אײַער פּראָבּלעם, שײַנט איר
צו זײַן אינגאַנצן א, וועגן דעם ענין“, טמז,

1 IX 1963. ־קייט.
אומאינקאָרפּאָרירט — אַדי. ← אינקאָרפּאָרירט. א'ע פֿירמע.
אומאיצטיק — אַדי. ← איצסיק. וואָס איז ניט פּאַסיק פֿאַר איצט. אַלטע, א'ע געדאַנקען.
־יקייט.

אומאירן

אומאירן — אוטוו. איר אום, ~געאירט. (לאָקל, מעג). דטשמ. נר. דזוו אומבלאָנדזשען ←. ,,איך האָב דאָרט [בײַם כותל מערבֿי] געוויינט ווי אַ קינד, וואָס האָט אומגעאירט אין דער וועלט פֿילע יאָרן", אמד, טויט שרעקענעס בײַ דעם ערשטן סדר, [קעניגסבערג? יאָר].
אומאַכט — די. מצ נבֿ. ← דוווו.
אומאַכטונג — די. מצ נבֿ. 1. דאָס ניט־לייגן קיין אַכט, דאָס פֿאַרזען. די א, צו פּרטים.
2. אומדרך־ארץ. ,,נאָר פֿאַרוואָס אָט די ייִדישע א, צו זיך אַליין?", רייד. ,,מיר נעמען אָן ווי נאַטירלעך יעדן אויסדרוק פֿון א, וואָס אייגענע מענטשן...ווײַזן אַרויס צו אונדזער שפּראַך,,, הל, טאָג, 28 II 1942. ,,יעדע קערפּערלעכע שעדיקונג איז פֿאַרוועט, ווײַל דאָס איז אַן א, צו

אַ מענטשן", צש פֿגעז, ווילנע 8 1927, No.

,
אומאַכטזום — אַדי. דזוו אומאַכטצום. "זײַ
ניט א, און פֿלײַסיק, ווען דיר אַ מצוה צום האַנט
קומט צו טאָן", ארחות חיים [איבֿז], לעמבערג
1850.
אומאַכטזומקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. אַרכ.
דזוו אומאַכטונג ←. ,,נעגליזע, און אַכט זום
קייט", יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל"ד.
אומאַכ(ט)צום — אַדי. ארכ. וואָס אויף דעם
ווערט קיין אַכט ניט געלייגט, וואָס איז
צופֿעליק; ניט־אויפֿמערקזאַם, בשוגג. ,,און ווער ער
דיא מצוה פֿר זוימט, דא קען ער דיא מצוה ניט
ווידר בּיקומין. דאז איז זיין און אַכצום שולד
דאשׂ דיא מצוה פֿר זוימט ווערט,,, לט1, קל/ב.
,,אונאַכצום לײַט גיוועזן דיא האבּן ניט אויף
גיזעהן [כּשרות]", בּראַנט. ~אַכצומקייט.
אומאָכ(ק)ען — אוטוו. אָכ(ק)ע אום, ~
געאָכ(ק)עט. 1. אַ לענגערע צײַט קרעכצן. 2.
אויסדריקן בּאַוואונדערונג מיט די אויסרופֿן אָך־אָך
(מיט בּײַטעם פֿון ביטול) ־עניש. ־ערײַ.

.
אומאַלערגיש — אַדי. ← אַלערגיש. א, צו
פּעניסילין.

אומאַלפֿאַבעטיש — אַדי. ← אַלפֿאַבעטיש.
פּפֿ: ~אַלפֿאַבעטנע. „און הערט און
שטוינט ווי אָט די אומאַלפֿאַבעטנע...האָבן...
אויסגעבאַקט די מצות...און דאַן פֿאַרטיילט די מצות
אין ,שוואַרצן, מאַרק“, פֿאָר, 18 ‏ 1963 II.
־קייט.
אומאַלקאָהאָליזירט — אַדי. ←
אַלקאָהאָליזירן. 1. ניט־צוגעמישט מיט אַלקאָהאָל. א'ע
געטראַנקען. 2. ניט־פֿערמענטירט ביז צו דער
מדרגה אַז עס זאָל ווערן אַלקאָהאָל. ניט־
פֿאַרטיקער, א'ער ראָם.
אומאַלקאָהאָליש — אַדי. וואָס האָט ניט
אין זיך קיין אַלקאָהאָל. “אין דער פּראָדוקציע
פֿון א'ע געטראַנקען„, טמז, 1964 IX 17.
אומאַמעריקאַניזירט — אַדי. ←
אַמעריקאַניזירן. א'ע אימיגראַנטן. „לעבט שוין אַזוי פֿיל
יאָרן אין אַמעריקע און איז נאָך אַלץ א'“, רייד.
־קייט.
אומאַמעריקאַניש — אַדי. ← אַמעריקאַניש.
א'ע פֿירונגען. „אַזאַ פֿראַגע איז א'“, י.
שלאָסבערג איבז, וואָס בעדײַט דיזער סטרײַק ‏, נ„י
1903. „אַזאַ קאָמישע זאַך, אַזאַ א'ע זאַך ווי
דרך־ארץ“, ווינטש II ‏, נ„י 1927. „נישט

צואַרבעטן זיך — דאָס איז שוין גאָר א',
גרינהאָרן־צושטאַנד‟, בּ. ריווקין, ה. לייוויק...
־קייט — „באַשולדיקט מיך אין א'‟, דר,
עמנואל פּאַט, טמז, 28 1962 X.
אומאַמעריקאַנער — דער. מצ ווי אצ. וונ
־ין, ־ס. 1. דער וואָס לעבּט אין אַמעריקע און
איז ניט געגוג אַמעריקאַניש. „ער איז געקומען
קיין אַמעריקע, געוואָרן דאָ אַ בּירגעד, אָבּער
פֿאַרבּליבּן אַן א'‟, רייד. 2. דער וואָס איז
קעגן אינטערעסן, קעגן גײַסט פֿון אַמעריקע.
אויך אדי מיט בּיידע בּבּ.
אומאַמפּערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אום, זיך
~געאַמפּערט פֿון צײַט צו צײַט זיך קריגן, זיך
.
מתווכּח זײַן, רעדן צווישן זיך ניט־פֿרײַנדלעך.
א, זיך וועגן אַ האַרבּן ענין (וועגן אַ
קלייניקייט). ־ניש. ־ערײַ.
אומאמת — [...ע'מעס] דער, ־ן. ← אמת.
דאָס וואָס איז ניט (קען ניט זײַן) אינגאַנצן
אמת(דיק); ‟אפֿשר איז עס ניט קיין ליגן, אָבּער

אַן א, איז עס". "דאָס וואָס זיי האָבן יאָ געזאָגט, האָבן זיי געוואוסט, אַז עס איז אַ קײַלעכדיקער א'", לע, טמז, 18 1963 XII.
אומאמתדיק — אַדי. ← אמתדיק. רעדן א'. ־יקייט.
אומאַן — נהאַרטער און קורצער קלאַנג י אין ערשטן טראַף, ווייכע נ] גנ. שטאָט אין אוקראַאינע בײַם טײַך אומאַנקע. חרובֿ געוואָרן פֿון טערקן. ווידער אויפֿגעבויט אין 17. י"ה. טרויעריק באַקאָנט מיט די הײַדאַמאַקישע שחיטות פֿון גאָנטע (1768, ה, בתּמוז תּקכ"ח, אויסגעקוילעט איבער 3,000 ייִדן) און זשעלעזניאַק (1788). פֿון דעם פֿאַרבליבן אַ כראָניק אין ייִדיש מעtה גדולה מן אומן ומן אוקרײַנא. וואוינאָרט און קבֿר פֿון ר, נחמן בראַצלעווער, וואָס צו זײַן אוהל קומען יעדער יאָרצײַט די 'טויטע חסידים, (ווײַל זיי האָבן קיין נײַעם צדיק ניט אָנגענומען).
וואוינאָרט פֿון משׂכּיל חיים־חײַקל הורוויץ, מחבר פֿון צ פֿנת פענח. געבוירנשטאָט פֿון מרדכי ספּעקטאָר. געווען באַרימט מיט אירע קלעזמאָרים, בראָש מיט פּדהצור, קאָמפּאָזיטאָר פֿון חתן־כּלה־ליד. אונטער צאַרן שטאָט פֿון קיִעווער גובֿ'. 1897 — 17,945 ייִדן צווישן אַן

ערך 30,000 איינוו., 1926 — 21,179 ייִדן.

← אומאַניער.

אומאַנאַלאָגיש — אַדי. ← אַנאַלאָגיש. א'ע עסייען. ־קייט.

אומאַנאַליטיש — אַדי. ← אַנאַליטיש. א'ע כמור־פֿאָרשונג —קייט.

.

אומאַנאָנסירט — אַדי. ← אַנאָנסירן. ניטאַנאָנסירט. א'ער אויפֿטריט פֿון אַרטיסט. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעבאָטן — אדי. ← אָנגעבאָטן. א'ענע סחורה. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעביסן — אַדי. ← אָנגעביסן. א'ענער עפּל. א, זיך נעמען צו דער אַרבעט. ־ערהייט — אדוו.

אומאָנגעברענט — אַדי. ← אָנגעברענט. ,,איין זייט איז ממש קויל, די צווייטע זייט איז א',,, רייד. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגענעמלעכקייט

אומאָנגעגעבן — אַדי. ← אָנגעגעבן. א'ענע פּרטים. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעגרייט — אַדי. ← אָנגעגרייט. א'ע

שפּײַזן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאָנגעדרייט — אַדי. ← אָנגעדרייט. א'ער
זייגער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָנגעוואַרעמט — אַדי. ← אָנגעוואַרעמט.
עסן עפּעס א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט —
א, פֿון געפֿיל.
אומאָנגעווענדט — אַדי. ← אָנווענדן. א'ע
קענטענישן.
אומאָנגעזאָגט — אַדי. ← אָנגעזאָגט. א'ער
וויזיט. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָנגעזעטיקט — אדי. ← אָנזעטיקן. אַ
זולל־וסובֿא מיט אַן א, מאָגן ־קייט.
.
אומאָנגעזען — אַדוו & אַדי. (פּרעדיקאַטיוו,
אָן ענדונג) ← אָנגעזען. געבֿליבֿן א, אין זײַן
סבֿיבֿה.
אומאָנגעזעען — אַדי. (מיט אַן ענדונג,
אַטריבוטיוו). ← אָנגעזעען. א'ער בעל־הבית.
אומאָנגעטאָן — אַדי. [פֿאַר אַן ענדונג מיט
אַ וואָקאַל — ~אָנגעטאָנענע(), ~
אָנגעטאָנענעם.] ← אָנגעטאָן. 1. ניט אינגאַנצן (פּאַסיק)
אָנגעטאָן. א, צום באַל. 2. (אייפֿעמיזם) נאַקעט.
אַרומלויפֿן א, ־ענערהייט.
.

אומאָנגעלייגט — אַדי. ← אָנגעלייגט. א'ער גאַסט ־קייט.

.

אומאָנגעלענט — אַדי. ← אָנגעלענט. זיצן א'.

אומאָנגעלערנט — אַדי. ← אָנגעלערנט. אַ צעבאַלעוועטער, א'ער יונגאַטש. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעמאַכט — אַדי. ← אָנגעמאַכט. א'ע פּאָדלאָגע ־קייט.

.

אומאָנגעמאָלדן — אַדי. ← אָנגעמאָלדן. „אַראָפּפֿאָרן צו אים א', האָב איך מורא, איך זאָל ווידער נישט אַרײַנכאַפּן אַ פּאָרציע מוסר“, טמז, 5 II 1963. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעמאָסטן — אַדי. ← אָנגעמאָסטן. קויפֿן אַ פּאָר הויזן א'. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגענומען — אַדי. ← אָנגענומען. א'ער געזעץ־פּראָיעקט. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגענעם — אַדי. 1. וואָס איז ניט גענוג אָדער אינגאַנצן ניט־באַקוועם פֿאַרן געמיט פֿאַר

,

דער שטימונג פֿאַדן גײַסטיקן מצבֿ. אַן א'ע

,

לאַגע. 2. וואָס רופֿט אַרויס אַ שוועריקייט, אַ
פֿאַרלעגנהייט. אַן א'ע פֿראַגע. ← אומאײַנגענעם.
־קייט — „ס'איז דאָ אַ לאַנגער וואָרעם...וואָס
טוט אָן דעם מענטשן פֿיל א'ן" פֿגעז, ווילנע

9 1923, No־10. אויך: אומאָנגענעמען,
פֿטמ. „עס איז מיר העכסט א'„ אמד, עוועגניע,
ווילנע 1878.
אומאָנגענעמלעך — אַדי. אַ ביסל
אומאָנגענעם. דזוו דפֿוו. „פֿילסטו זיך...א'?„ ירמי,
יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס
.1900
א נגענעמלעכקייט — די (דאָס), ־ן.
מצבֿ, סיטואַציע, ווען פֿאַר עמעצן איז עפּעס ניט
גענוג באַקוועם, אָנגענעם. „און עס איז אַגבֿ

אומאָנגעפּאַסט

אַרויסגעקומען אַ גאָר גרויסע א„„ מוק, מײַנע
באַגעגענישן.
אומאָנגעפּאַסט — אַדי. ← אָנגעפּאַסט. א'ע
שיך. ־ערהייט — אַדוו. ווען מע האָט ניט
אָנגעפּאַסט. צונעמען דעם גאַרניטער א'.
אומאָנגעפּאַקט — אַדי. ← אָנגעפּאַקט.

האַלבבליידיק, א'. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומאָנגעסירט — אַדי. ← אָנגעפֿירט. „דער אָרקעסטער שפּילט אַליין, א, פֿון אַ דיריגענט“, רייד. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעסרעגט — אַדי. ← אָנגעפֿרעגט. קומען א'. ־ערהייט — אַדוו. ווען מע האָט ניט אָנגעפֿרעגט. אויסדערציילן א'.
אומאָנגעצייכנט — אַדי. ← אָנגעצייכנט. א'ע דעטאַלן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָנגעקוקט — אַדי. ← אָנגעקוקט. אָפּקויפֿן דעם גאַנצן ראַמש א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָנגעקלאַפּט. — אַדי. ← אָנגעקלאַפּט. א'ע מזוזה. ־ערהייט — אַדוו. א, אַרײַנגיין.
אומאָנגעקלונגען — אַדי. ← אָנגעקלונגען. „מע וויל ניט אַז עמעץ זאָל פּלוצלינג אַרײַנקומען א'“, טמז, 26 1963 III. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָנגערירט — אַדי. ← אָנרירן. לאָזן א'. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנגעשטויסן — אַדי. אַרכ. אומגעשטערט, אָן איבּעררײַס, גלאַט. „ווען איינער זײַן תּפֿילה טוט און אַן גישטויסן אַלזו ווערט זײַן תּפֿילה גיהערט„, מבּ, מעשׂה צ„ז.

אומאָנגעשטעלט — אַדי. ניט־אָנגעשטעלט. די איינציקע א'ע פּאָליצע.

אומאָנגעשטעקט — אַדי. ← אָנגעשטעקט. בּלויז עטלעכע א'ע קינדער.

אומאָנגעשטרענגט — אַדי. ← אָנגעשטרענגט. א'ע אַרבּעט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאָנגעשריבּן — אַדי. ← אָנגעשריבּן. די א'ענע צוואָה. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָנדאַסטיק — אַדי. < Mhd: antasten. אַרכ. וואָס מע קען ניט אָנטאַפּן, אָנרירן פֿילן

,

מיט די חושים. „זעלט איר ערשׂט ווישׂן וויא פֿיל ערלייא אונאנדאסטיגה בּשעפֿניש צווישן דען עולם זײַנין„; “די מלאָכים...אונאנדאשׂטיג זײַנין”, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיית, הענא 1718. [זיך מערקן דעם סופֿיקס ־יק מיטן בּ „־בּאַר”].

אומאָנדולירט — אַדי. ← אָנדולירן. ניטאָנדולירט. גיין צום בּאַל מיט א'ע האָר.

אומאַנדערשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון ווערן אָדער מאַכן אַנדערש. „אַז
ייִדן, דאָס באַרימטע מוח־פֿאָלק וועט אָנהייבן די
א, פֿון זײַן לעבן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
פֿאלקס־עטימאָלאָגישע א, פֿון 'ביקסל, (=
שעכ„
טל, פידעלע)„, נפּ, ייִפֿאַ, 14 ,1939.
אומאַנדערשן — טרוו. ־דערש אום, ~
געאַנדערשט. 1. מאַכן אַנדערש. „דאָס וואָרט
אַזוי א אַז נאָך דעם מסופּקדיקן אות זאָל גיין
,
אַן אַלײנהילכער“, ימ, שולגראַמאַטיק, 1921.

2. רעווידירן, איבערקוקן, בײַטן. „מיר מוזן
איצט א, אונדזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער
פֿאַרשפּרייטונג פֿון ליכטיקייט„, יאַשונסקי איבז,
ה. שמידט, דאָס וועלט־בילד, וואַרשע 1923. א
אומאָנהייב — דער, ־ן. 1. ניט־געראָטענער,
שלעכטער אָנהייב (←). „אָן אַ פּלאַן קען זײַן א
בלויז אַן א'„. 2. דאָס וואָס איז (האָט) ניט קיין
אָנהייב פֿון גוואַלדיקן א'“, יג, 1956. א
„ ·

או'מאָ'נוועגדלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט (לאָזט זיך ניט) אָנווענדן, אויסניצן.
אומפּראַקטיש, א, וויסן ־קייט. א
.
אומאַנולירט — אַדי. ← אַנולירן. ניט

אַנולירט. א'ע חובֿות. א'ע פֿאַראָרדענונגען. ־קייט.
או'מאָ'נזיכטיק — אַדי. 1. וואָס זעט זיך א
ווייניק אָדער אינגאַנצן ניט אָן. א'ע טינט.
2. וואָס האָט אַ קנאַפּן ווערט. א'ע אויסגאַבע.
א
או'מאָ'נזעטיק
— אַדי. וואָס מע קען ניט
אָנ־יקייט.

זעטיקן; וואָס ווערט ניט צופֿרידנגעשטעלט. א'ע
תּאווה. „זיי ווילן מערניט ווי א, פּרעסן„,
בּרידער גאָרדין, יונג־מענטש, ווילנע 1931.
אומאָנזעעוודיק — אַדי. ניט־אָנזעעוודיק. „אַן
א'ער גײַסט„, ייִט, פּוילן III. ־יקייט. א
אומאַנטבּלויזט — אַדי. ניט־אַנטבּלויזט.
א'ער האַלדז. ־קייט.
אומאַנטגעלטלעך — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
איז (ווערט געטאָן, געגעבּן) ניט פֿאַר געלט,

פַאר באַצאָלט. „די יִידישע א'ע גאַסטפַרײַנדלעכ־ א
קייט“, קמ, 39 1865, No.
אומאַנטדעקט — אַדי. ניט־אַנטדעקט. א'ע
וועלט. „ווער ווייסט וועלכע...א'ע רײַכקייטן עס
שלומערן אין בוזעם פון די...קאַרפּאַטן“, מר
I, נ"י 1910. ־קייט.
אומאַנטווײנט — אַדי. נאָך ניט אַנטוויינט.
א'ע קינדער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאַנטוויקלט — אַדי. ניט־אַנטוויקלט. א'ע
קינדער. „...ווען מע נעמט אײַנקוקן ווי דער
יִידישער האַנטווערקער לעבט...ווי ווײַט ער איז
א'„ ליב לעוויץ, רפאל דעם שנײַדערס טאָכטער,
ווילנע 1888. „זײַנען אַזוי...א, געבליבן“, ימ,
צײַט, שאַוול 1924.
־ערהייט — אַדוו. „זײַנען נישט באַזאָרגט
מיט שפּײַז...און מוזן אָנפאַנגען צו זאָרגן פאַר א
זיך א'„ ש. בלום, דער בוים פון לעבן ־קייט
געדולד פון דער אַרבעטער־מאַסע“, איבז, דער א
— “די פּאָליטישע א, און די אומענדלעך־גרויסע

רוסישער וועבער פ. א. אַלעקסייעוו, לאָנדאָן
1902.
אומאַנטוועקט — אַדי. ניט אַנטוועקט. א'ע
-

געפֿילן ־קייט.

.

אומאַנטוישט — אַדי. ניט אַנטוישט. א'ער

-

עולם. א

אומאַנטוישנדיק — אַדי. נעאָל, מאַרק ווב.

← אַנטוישנדיק. א'ע עקספּערימענטן.

אומאַנטמוטיקט — אַדי. ניט־אַנטמוטיקט. א,

אַפֿילו נאָך אַ ריי מפּלות. א

אומאַנטפּלעקט — אַדי. ניט אַנטפּלעקט. ,,ווער

-

ווער אַכטן א'ע שטראַלן אין טוי פֿון ווייטיק־ א

דיק־פֿולע אויגן?,,, יהואָש, 'בעקבֿתא דמשיחא,,

אומאָנערקענונג

1920. ,,כ'הער ריידן פֿון סודות א'ע, וואָס

מענטשן זוכן אום און שטאַרבן ניט געזען,,,

ב. לאַפּין, צייכנס. ־קייט.

ומאַנטציקט — אַדי. ניט אַנטציקט. בלייַבן

-

קאַלט, א'.

ומאַנטשולדיקט — אַדי. ניט אַנטשולדיקט.

-

אַן א'ע גראָבקייט.
ומאַנטשיידבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. וואָס מע קען ניט בּאַשיידן, בּאַשליסן. א'ע
רעטענישן.
ומאַנטשיידן — אַדי. דטשמ: ־שידן. וואָס
האָט נאָך ניט קיין אַנטשייד, בּאַשלוס, אויספּיר.
א'ענער סכסוך. ־קייט.
ומאַנטשלאָסן — אַדי. ניט אַנטשלאָסן. ,,די
-

קנאה פֿון א'ענעם,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער II.
ומאַנטשלאָסנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומאַנטשלאָסן. ,,די א, און דאָס שטענדיקע וואַקלעניש,,,
בּאַש פּאָר, 1962 16 IX. ,,די דאָזיקע א, אין

רייד אַרט האָט געשטאַמט פֿון אינטעליגענץ,,,
-

לוי שאַליט, צוק, 1964, אָקט'.
ומאַנטשפּרעכיק — אַדי. דטשמ. וואָס איז
ניט צוגעפּאַסט, ניט אַרײַנגעפּאַסט, וואָס איז ניט

לויטן צוועק; ניט־שייכדיק. אומכּאַטראַכטע, א'ע
ענטפֿערס. א'ע קאָלירן. ־יקייט, ווּבֿ
ראָכקינדשקליאַר.
ום אַני הומה — [אוים אַני כוימאָ] זאַץ. 'אַ
פֿאָלק בין איך — אַ מויער'. ערשטע ווערטער
און נאָמען פֿון אלעזר הקלירס פּיוט פֿאַרן
צווייטן טאָג חול־המועד סוכּות (בּײַם 'סדר
הושענות'). „א, אַ, ח, — ווערן די ייִדן
גערופֿן ווײַל זיי זײַנען שטאַרק אין גאָטס
ליבשאַפֿט, אַזוי ווי אַ מויער“, מחזור כּל־בּו לשלוש
רגלים, פּיר▯ש עבֿרי־טײַטש בּית ישׂראל, יאָר?
דעם פּיוט פֿלעגט מען זינגען מיט אַ צוגאָבֿ
פֿון ייִדישע ווערטער: „אַן ערשטע מעלה
האָבן זיי — א, אַ, ח'; אַ צווייטע מעלה — בּרה
כּחמה (לויטער מיט גוטע מעשׂים ווי די זון).
כּאָטש, כּאָטש, כּאָטש — גולה וסורה (
פֿאַרטריבּן אין גלות און פֿאַרשטויסן). פֿאָרט, פֿאָרט,
פֿאָרט — דמתה לתּמר“ (איז זי געגליכן צו אַ
טייטלבּוים).
ומאַנימאַליש — אַדי. ניט־אַנימאַליש. א'ע
בּאַגערן.
ומאַנ(י)ער — אַדי. וואָס איז פֿון (אָדער
האָט אַ שײַכות צו) דער שטאַט אומאַן (←.).
„גאָט זאָל אָפּהיטן פֿאַר בּאַרדיטשעווער נגידים

און פֿאַר א, חסידים פֿאַר קאָנסטאַנטינער
,
משרתים און מאָהילעווער אַפּיקורסים, פֿאַר
קאַמעניעצער כאָדאָטײַעס און אַדעסער
הולטײַעס“, פֿוול.
ומאָננעמבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
„יעדער פֿאַרזוך אָפּצוציִען אַ דעקלאַראַציע קעגן
רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ...איז '
אומבאַגרײַפֿלעך און א",,, טמז, 10 ▯ 1963 II.
ומאָננעמלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט אָננעמען. א'ע באַדינגונגען. ־קייט.
ומאָנערקענונג — די, ־ען. מצבֿ פֿון זײַן,
בלײַבן אומאָנערקענט. א, פֿאַר גוטער אַרבעט.

אומאָנערקענט

אומאָנערקענט — אַדי. וואָס איז אינגאַנצן
אָדער ביז אַ געוויסער מדרגה ניט אָנערקענט. די
א'ע צײַטוויַליקע רעגירונג. א'ע מעלות. אַן א'ע
פּערזענלעכקייט; אַן א'ער פּאָעט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט — שטאַרבן אין א'.
אומאָנשטענדיק — אַדי. ניט־אָנשטענדיק. א'ע
(באַ)האַנדלונג. „...קיין צווייִדײַטיקייט, קיין א,
וואָרט, קיין זידלערײַ,,, דר, יעקבֿ טשערני, קול

יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897. אָפּט סובֿ. אַן א'ער.
־יקייט — „פֿאַראַן בלויז איין א, פֿון דאָס
נאַקעטע — צו האַלטן אַז דאָס נאַקעטע איז
אומאָנשטענדיק“, נאַד איבֿז, פּ. אַלטענבערג,
ווי איך זע עס, נ״י 1919.
אומאָנשטעקיק — אַדי. נעאָל. וואָס שטעקט
ניט אָן; וואָס קען ניט אָנשטעקן. א'ע קראַנקייטן.
אומאָנשטעקנדיק — אַדי. נעאָל. ← דפֿוו. ←
אָנשטעקנדיק.
אומאַסימילירט — אַדי. ניט אַסימילירט. א'ע
-
מינדערהייט. ־קייט.
אומאַסימילירלעך — אַדי. וואָס קען ניט
אַסימילירט ווערן. א'ע שטאָפּן ־קייט.
.
אומאָפּאָרטוניסטיש — אַדי. ניט־
אָפּאָרטוא'ע גאַסן.
אומאַסקעטיש — אַדי. ניט־אַסקעטיש. א'ע
פֿירונג.
אומאַפּאַטיש — אַדי. ניט אַפּאַטיש. א'ע

רעאַגירונג. ־קייט.
אומאָפּאָרטוניסטיש — אַדי. ניט־
אָפּאָרטוניסטיש. א'ער אײַנשטעל. ־קייט.

אומאָפּ־ — אין די ווײַטערדיקע
דוערטער מ   פּ... בּאַטײַט א ו ם
שטענד   ויז — נ□. ט־. ווערט
געגעבן   דוגמא פּון בּאַטײַט,
אָן שום אויסטײַטש. דער אַקצע□ט
קומט אויף[בּיידע ערשטע טראַפֿן.
אומאָפּגעבּאַקן — אַדי. האַלבּ־רויע, א'ענע
קאַרטאָפֿל. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעבּויט — אַדי. די ווענט פֿון א'ן
בּית־מדרש. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעבּונדן — אַדי. זיך רײַסן ווי אַן
א'ענער. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעבּראָטן — אַדי. אַרויסנעמען דאָס
פֿלייש א, ־ערהייט — אַדוו.
.
אומאָפּגעבּראָכן — אַדי. עטלעכע א'ענע
צווײַגן.
אומאָפּגעבּרענט — אַדי. דאָס א'ע הויז
צווישן די חורבֿות.
אומאָפּגעגאָלט — אַדי. די א'ע האַלבּע בּאָרד.
־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעגאָסן — אַדי. ניט עסן דאָס א'ענע
פֿלייש. ,,סכּנה אַז אַ מענטש רירט זיך אָן מיט
א'ענע הענט דאָס מויל און די נאָז אָדער כּדומה

אויף אַן אבֿר“, דבֿרי חכמים, [לבֿובֿ? יאָר?]. „אַז דאָס פֿלייש איז געלעגן דרײַ מעת לעת א'....„,
הרבֿ משה טייטלבוים, מעין טהור, [לבֿובֿ? יאָר?]. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָפּגעגט — [...געט] אַדי. לעבן באַזונדער, אָבער א'.

אומאָפּגעגעבן — אַדי. א'ענע חובֿות. ־ערהייט — אַדוו.

523

אומאָפּגעדאַוונט — אַדי. אַרומגיין אַ האַלבן טאָג אַן א'ער ־ערהייט — אַדוו.

.

אומאָפּגעדינט — אַדי. אַן א'ע טובֿה. ־ערהייט — אַדוו.

אומאָפּגעהויבן — אַדי. ליגן א.. אויסטיילן די קאָרטן א'.

אומאָפּגעהיט — אַדי. פּפֿ: ~געהיטן. א, אין עסן, אין קליידן זיך. רעדן א, פֿון כּעס. ־(נ)קייט — אַרויסווײַזן א'.

אומאָפּגעוואוינט — אַדי. בלײַבן א'. ־קייט.

אומאָפּגעוואָרסן — אַדי. ▯— זאָל עס בלײַבן
א'. — וואָס הייסט? — לאָמיר ניט באַטראַכטן
און ניט שטימען,,, רייד.
אומאָפּגעוואַשן — אַדי. א'ענע טישן. אַן
א'ענער = אויך: אַזאַ וואָס מען איז אים ניט
מוחל אַ קריוודע, אַ מיאוסע האַנדלונג אע.
־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעזונדערט — אַדי. עטלעכע א'ע
קינדער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאָפּגעזען — אַדוו. פֿטמ. ניט געקוקט
אויף, זיך ניט גערעכנט מיט... א, פֿון די
פֿריִערדיקע רייד, בלײַבט עס אַז... [אומ־ קומט דאָ
אַרײַן בולט צו מאַכן די נעגאַציע.]
אומאָפּגעזעסן — אַדי. א'ענער טורמע־טערמין.
־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעהשבונט — [...כעזשבנט] אַדי. א'ע
שותּפֿות.
אומאָפּגעטאָן — אַדי. עס מאָנט די א'ענע
אַרבעט. [וועגן פֿאָרמען ← אומאָנגעטאָן.]
אומאָפּגעט▯בלט — [...טויוולט] אַדי. אַרויס
פֿון קאַלטן וואַסער אַן א'ע.
אומאָפּגעטיילט — אדי. א'ע נחלה. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאָפּגעטעסעט — אַדי. א'ע קלעצער. זיך

אויפֿפֿירן פּראָסט, א'.
אומאָפּגעטראָגן — אַדי. פֿאַרקויפֿן א'ענע מלבֿושים. —ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאָפּגעטרונקען — אַדי. דער פֿולער א'ער כּוס. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעטריבֿן — אַדי. א, שוואַנגערשאַפֿט. ־ערהייט — אַדוו. מפּיל זײַן א'.
אומאָפּגעלאָשן — אַדי. א'ענער קאַלך. ־ ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעלייגט — אַדי. „די אַנאַרכיסטן פֿאָדערן אַן א'ן אויף אַ ווײַטערער צײַט, אומגעזאַמטן אָפּשאַף פֿון שטאַט“, אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל„אַ 1957.
ע ע נט — אַדי. אַ טע, אָבֿער א'ע
אומאָפּג
אומאָפּג יִ א, עדות־זאָגן.
ע ט — אַדי. אַ
מנהגים.
אומאָפּגעמינטערט — אַדי. לאָזן ליגן א'.
אומאָפּגענאַרט — אַדי. א'ע מיידלעך. א'ע פּראָווינצער. א'ע גרינהאָרנס —ערהייט —
.
אַדוו ־קייט.

אומאָפּגעניצט — אַדי. מיט פֿרישע, א'ע
כּוחות. ־ערהייט — אַדוו. צוריקגעבּן א'.

□

אומאָפּגעענטסערט — אַדי. א'ע
בּאַליידיקונג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומאָפּהענגיק

אומאָפּגעפּוצט — אַדי. די א'ע לײַכטער.
־ערהייט — אַדוו.

ה□ פּגעפֿליקט — אַדי. א'ע □ ינער. ־
ערט — אַדוו.

אדמ

□

אומאָפּגעסרישט — אַדי. א'ער הוט, צימער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאָפּגעפֿרעגט — אַדי. א'ע תּירוצים. ,,דער
א'ער בּויער פֿון דער מדינה,,, אפֿא, טמז,
27 XI 1964. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומאָפּגעצאָלט — אַדי. א'ער חובֿ. ־ערהייט
— אַדוו.
אומאָפּגעצופּט — אַדי. א'ע לאַבּנס בּרויט.
־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעקאָכט — אַדי. עסן רויע א'ע
קאַרטאָפֿל. ־ערהייט —אַדוו.
אומאָפּגעקויפֿט — אַדי פֿאָרן פֿון יאַריד מיט
.
דער א'ער סחורה. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעקשען— אַדי. א'ע זינד.
אומאָפּגעקילט — אַדי. א, וואַסער. א'ע
פֿרײַנדשאַפֿט, לײַדנשאַפֿט. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט — די א, פֿון דער אַלטער פֿרײַנדשאַפֿט.
אומאָפּגעקירצט — אַדי. דרוקן אַלץ, א,.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
־ע יהי ליבּן
— אַדי. א'ענע קאַנדידאַטן.
— אַדוו ־קייט.
.

א□מאפּג

א □פּגערופֿן — אַדי. נאָר איין מין א'ענע
באַנקנאָטן. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגערייניקט — אַדי. א'ע תּבֿואה.
־ערהייט — אַדוו.
־ע□.□י□רעדט — אַדי. טרעפֿן זיך א,.
ט — אַדוו ־קייט.
.
אדמאפּג
־ע□י□י□ אַו א, ווערק.
— אדוו ־קייט
. .
אומאפּג שאַצט — אַדי.

אומאָפּגעשוואַכט — אַדי. מיט א'ער
ענערגיע. ־קייט.
אומאָפּגעשטימט — אַדי. די רעזאָלוציע איז
געבליבן א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומאָפּגעשטעלט — אַדי. די א'ע אַטאַקע.
־ערהייט — אדוו.
אומאָפּגעשיילט — אַדי. „מע זאָל ניט עסן
קיין פּרוכטן א,...פֿיל מענטשן באַטאַפּן זיי מיט

אומרײנע הענט", טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות II, לאָדז, [1910?]. ־ערהײט — אַדוו.

אומאָפּגעשלאָגן — אַדי. אַן א'ענער תּירוץ. אַן א'ענער אָנגריף. ־ערהײט — אַדוו. ־קײט.

אומאָפּגעשפּאָלטן — אַדי. עטלעכע א'ענע שאָלן.

אומאָפּגעשראָקן — אַדי. מיט א'ענעם מוט. ־קײט.

אומאָפּהאַלטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. װבֿ ראָכקינד־שקליאַר. ▯. דוװו.

אומאָפּהאַלטלעך — אדי. װאָס מע קען ניט אָפּהאַלטן. „די צוקונפֿט...גײט מיט אַן א'ער קראַפֿט", ד. עדעלשטאַט, געקליבענע װערק I, מאָסקװע. ־קײט.

אומאָפּהענגיק — אַדי. װאָס איז אין אײגענעם רשות, װאָס איז ניט געװענדט אין קײנעם.

אומאָפּװאַשבאַר

א, פֿון אַ מענטשן פֿון אַ באַשלוס. א, אײנער

,

פֿון אַנדערן. אויך: זעלבשטענדיק. א'ע מלוכה. „אַזאַ מענטש װאָס איז...שײן, יונג און א',,, די

דראַמע פֿאָן פּאַריז [איבֿז], בוקאַרעשט [יאָר?]. ־יקייט — „ענדלעך, קעמפֿט איצט דאָס פֿינלענדישע פֿאָלק פֿאַר א, און פֿרײַהייט“, וואָס ווילן די סאַציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד, זשענעוו 1899.

אומאָפּוואַשבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. „אַן אײבֿיקע א'ע חרפּה“, דער מאָרגנשטערן, ווילנע 2 1907, I, No.

אומאָפּוואַשלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט אָפּוואַשן. א'ער פֿלעק. ־קייט.

אומאָסווישבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. פֿאַרשטייט ער זײַן גרויסן, א'ן חטא“, דר, נ. „

סווערדלין, טמז, 3 4 19 III.

אומאָפּווישלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט אָפּווישן, אָפּמעקן. א'ע באַשולדיקונג. א'ער בלבול. ־קייט.

אומאָפּווענדבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. ־קייט, ווב ראָכקינד־שקליאר.

אומאָפּווענדלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט אָפּווענדן. וואָס מע קען ניט באַשטרײַטן. א'ער גורל. „דער א'סטער ענטפֿער אויף זײַן פֿראַגע“, י. העשעלעס, צוק, 1964, II־III. ־קייט.

אומאָפּוווערלעך — אַדי. נעאַל. וואָס קען זיך
ניט (אָפּ)ווערן פֿון דעם. א'ער אָנגריף ־קייט.

.

אומאָפּזונדערלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
אָפּטיילן אין אַ באַזונדער גרופּע, קאַטעגאָריע.
א'ע דערשײַנונגען. ▯קייט.

אומאָפּטיילבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
,,דאָס אײַנפֿלאַנצן היגיענישע געוואוינהייטן איז
אַן א'ער באַשטאַנד־עלעמענט פֿון דער אַרבעט...
פֿון 'טאָז',,, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929.

אומאָפּטיילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט אָפּטיילן. דינע, א'ע הײַטלעך. א'ע
באַשטאַנדטיילן ־יקייט.

.

אומאָפּטרעטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ▯ דוווו.

אומאָפּטרעטלעך — אַדי. נעאַל. 1. וואָס
טרעט ניט אָפּ; וואָס גייט כסדר נאָך. א'ער
קאַוואַליר. 2. וואָס האַלט זיך בײַ זײַן דעה,
אײַנגעעקשנט; אומבייגעוודיק. א'ער אָפּאָנענט.
־קייט.

א — פּיקורסיש — [...קאָרסי▯] אַדי. וואָס
איז ניט ווי בײַ (ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַ▯) אַן

אַפּיקורס. א'ע רייד ־קייט.

.

אומאָפּלייגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
,,די פֿאָרשונג פֿון אונדזער...פּאָעזיע איז דער ערשטער א'ער חובֿ“, סאָוו צ, [נש, ישפּ, 3 (10)].

אומאָפּלייגיק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט אָפּלייגן. א'ער באַשלוס. ־(י)קייט.

אומאָפּלייקנבאַר — אַדי. דטשמ. נר. [נש, ישפּ, 3 (10)]. ← דוווו.

אומאָפּלייקנדיק — אַדי. וואָס לייקנט ניט אָפּ. געבן אַן אויסמיידנדיקן, א'ן ענטפֿער.

אומאָפּלייקנדלעך — אַדי. נעאַל, מוו. וואָס מע קען ניט אָפּלייקענען. א'ע פֿאַקסן.

524

אומאָפּמעקבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
,,האָט אַוועקגעלייגט זיין א'ן חותם אויף דער געשיכטע פֿון...וועלט־טעאַטער“ פֿיין, טמז,

,

.I 19 7

אומאָפּמעקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט אָפּמעקן. א'ע פֿלעקן ־קייט.

□
.

אומאָפּנויגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו

אומאָפּנייגלעך ←. "...אויספֿילן [דעם באַשלוס] א'", סאָוו צ, [נש, ישפּ, 3 (10)].

אומאָפּנוצבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוון.

אומאָסנוצלעך — אַדי. נעאַל, מאַרק ווב. וואָס מע קען ניט אָפּנוצן. א'ע שטאָפֿן. אַ גרויסער א'ער אָנגרייט. ־קייט.

אומאָפּנייגיק — אַדי. נעאַל. וואָס נייגט ניט אָפּ פֿון דער ריכטונג. א'ע באַוועגונג ־יקייט.

.

אומאָפּנייגלעך — אדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט אָפּנייגן. א'ער כוח. ־קייט.

א □פּנעמבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.

„דאָס לייענען מיט דערקלערונגען...איז אַן א'ער טייל פֿון לימוד פֿון דער ניט־אייגענער שפּראַך", סאָוו, זש, [נש, ישפּ, 3 (1□)].

אומאָפּנעמיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט אָפּנעמען. אַן א'ער שׂכר. ־יקייט.

אומאַפּעטיט — אַדי. היפּוך פֿון אַפּעטיט. עסן מיט א'.

אומאַסעטיטלעך — אַדי. וואָס איז אָן אַ טעם, ניט געשמאַק. וואָס דערשטיקט דעם אַפּעטיט.

וואָס רופֿט ניט אַרויס קיין חשק צו געניסן.
"הויזפֿליגן...זײַנען ניט נאָר א', זיי קענען אויך
זײַן געפֿערלעך פֿאַרן מענטשן,,, פֿגעז, ווילנע
6 1925, No. ־קייט.
אומאַפּעטיטנע — אַדי. פֿטמ. דזוו
אומאַפּעטיטלעך. ,,אַן אומנאַטירלעכער און א'ר חתן,,,
יג, טמז, 3▯19 I ▯י 28.
אומאַפּעלירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט אַפּעלירן. א'ער פּסק־דין ־קייט.
.
אומאָפּעראַטי'וו — אַדי. וואָס מע קען מיט
דעם ניט אַרבעטן. א'ער פּלאַן.
אומאָפּערירבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
,,האָבן די דאָקטוירים געמוזט צוריקווײַזן דעם
פּאַציענט אַלס ,אומאָפּערירבאַר,", חייס
ערענרײַך, פֿאָך, 4 IX 1964.
אומאָפּערירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
(לוינט זיך) ניט צו אָפּערירן. אַן א'ער קאַנסער.
־קייט.
אומאָפּפֿרעגלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אָפּפֿרעגן. ,,אַלע מינים קאָמפּאָזיציעס זײַנען
גוטע, א'ע און אומפֿאַרמײַדלעכע מיטלען בײַם
לערנען ייִדיש", ימי ־קייט — ,,דער גלויבן
אין [דער] א, [פֿון די אינטעליגענץ־טעסטן] איז

שטאַרק געפֿאַלן“, מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט.

אומאָפּקויפֿלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
אָפּקויפֿן, אונטערקויפֿן. א'ע אַנטיקן. א'ער
ריכטער. ־קייט.

-

אומאָפּרוסבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.

אומאָפּרופֿלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט אָפּרופֿן. אַן א'ער דעקרעט. ־קייט.

אומאָפּט

אומאָפּרײַבבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. . דוווו.

אומאָפּרײַבלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אָפּרײַבן, אָפּקראַצן. א'ער שטאָל,
מאַטעריאַל ־קייט.

.

אומאָפּרײַסלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אָפּרײַסן. א'ע פֿאַרבינדונג ־קייט.

.

אומאָפּשאַצבאַר — אדי. דטשמ. נר. דזוו
אומאָפּשאַצלעך ←. „א, גרויס איז אונדזער חורבן, אונדזער פֿאַרלוסט“, מ. פּילצמאַכער, אָסטראָווצע, בּ“א 1949.

אומאָסשאַצונג — די, ־ען. טיילווײַז אָדער אינגאַנצן ניט־ריכטיקע אָפּשאַצונג, ווען דער ווערט פֿון עפּעס ווערט ניט אויפֿגענומען ווי עס געהער צו זײַן (בּכוונה אָדער אָן אַ כּוונה). ס'איז בּאמת אַן עוולה אַזאַ א'. די א, פֿון דער מאָדערנער קונסט.

אומאָפּשאַצלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט אָפּשאַצן. „די פֿלאַמען פֿון אידעאַליזם זײַנען אַן א'ער אוצר“, ימ, קוד, 1950. ־קייט, וובּ ראָכקינד־שקליאַר.

אומאָפּשטויסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט אָפּשטויסן. א'ע הילף.

אומאָפּשטײַג יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען פֿון דעם ניט אָפּשטײַגן, וואָס מע מאַכט דערבּײַ ניט קיין אָפּשטעל פֿאָרן א, מיטן עקספּרעס. ־(י)קייט.

אומאָפּשטימיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (טאָר, דאַרף) ניט אָפּשטימען. „גרונטפּרינציפּן זײַנען א'“. אַראָפּנעמען פֿון סדר־היום דעם א'ן

פֿאָרשלאָג. ־יקייט.
אומאָפּשטעלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דווו. „קיין קול פֿון אַ משוגענעם קען נישט
אָפּשטעלן אָט דעם א'ן מאַרש פֿון מענטשלעכע
רעכט“, טמז, 24 XI 1963.
אומאָפּשטעליק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט אָפּשטעלן, אָפּהאַלטן, פֿאַרהאַלטן. א'ע
אַטאַקעס פֿון שׂונא ־יקייט.

.

אומאָפּשטרײַטלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (דאַרף) ניט אָפּשטרײַטן. א'ע טעזיסן.
־קייט.
אומאָפּשפּאַרבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ▯ דוון.
אומאָפּשפּאַר▯יק, ־לעך — אַדי. ▯עאַל. וואָס
מע קען (לאָזט זיך) ניט אָפּשפּאַרן, אָפּרוקן,
אָפּשטופּן אָדער פֿאַרצוימען. א'ע יצר־הרעס.
אומאָפּשרײַלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) ניט אָפּשרײַען, אָפּווענדן, פֿאַרמײַדן.
א'ער פֿאַרלוסט. „צעטרייסלט דעם פֿעסטן גלויבן
אין דעם באַטײַט פֿון ירושהדיקייט ווי אַן א'ער
פֿאַטום“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
־קייט.
אומאָפּשרעקבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←

דוווו. „אַן אומדערמידלעכער, אַן א'ער פֿאַר, עקשנטער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל“, אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל“אַ 1957.

אומאָפּשרעקיק — אַדי נעאָל וואָס מע קען ניט אָפּשרעקן. מיט א'ן מוט. ־יקייט.

-

אומאָסט — אַדי. ניט־אָפֿט (אָבֿער אויך ניט צו זעלטן). א'ע באַזוכן. א'ע רײַזעס. א'ע געסט. ־קייט.

אומאַפֿיליאירט

אומאַפֿיליאירט — אדי. ניט־פֿאַרבֿונדן מיט אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. א'ע קרײַזלעך. ־קייט.

או'מאָפֿיציע'ל — אַדי. ניט־אָפֿיציעל. ניטאויטאָריזירט. א'ער דאָקומענט. א'ע דערקלערונג. ־קייט — א, אין באַנעמען זיך.

אומאָסנהאַרציק — אדי. היפּוך פֿון אָפֿנהאַרציק. א'ע רייד ־יקייט.

אומאַסעקטירט — אַדי. ניט־באַהערשט פֿון אַ
שטאַרק געפֿיל. א'ע באַציאונג ־קייט.

אומאַקאַדעמיש — אַדי. ניט־גענוג
וויסנשאַפֿטלעך. ניט אַזוי ווי ביי (פֿון) אַ
וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע. א'ער רעפֿעראַט. “דער
איבערגאַנג פֿון אַ פֿרייער, א'ער שפּראַך צו אַ
קאָרעקטער מלוכה־שפּראַך“, נאַד, טינט און
פֿעדער, נ"י 1936 —קייט.

אומאָקופּירט — אַדי. ניט־פֿאַרנומען (פֿון אַ
שׂונא). א'ע געגנט ־ערהייט — אַדוו.

או'מאַקוראַ'ט — אַדי. אומפּינקטלעך. א'ע
אויסרעכענונג. ־קייט.

או'מאַקטוע'ל — אַדי. וואָס איז ניט פֿאַרן
איצט, וואָס בינדט זיך ניט מיט היינטצייטיקע
ענינים, אינטערעסן. “אַריסטאָפֿאַנעס...איז היינט
א',,, היימיש, 1959, II. ־קייט.

אומאַקטיאָריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ
(פֿאַסט זיך ניט פֿאַר) אַן אַקטיאָר. פּשוטע, א'ע
האַלטונג —קייט.
.
או'מאַקטי'וו — אדי. ניט־טעטיק. א'ע
פֿאַרוואַלטונג פֿון שטאַנדפּונקט פֿון הײַנטצײַטיקן
. „
יִדיש קען מען באַטראַכטן ווי א'ע סופֿיקסן די
ענדונגען וואָס מיר טרעפֿן בײַ אַדווערבן: ־ס
(־נס) און ־ן“, ימ, ייִשפּ XXII, 1. ־קייט.

אַקטיוו. א'ע מיטגלידער פֿון פֿאַראיין. 2. (
כעאומאַקטיווי(זי)רט — אַדי. 1. ניט־געמאַכט

מיע) ניט־געמאַכט מסוגל פֿאַר אַ באַשטימטער
רעאַקציע. א, שוועבלשטאָף. ־קייט.
או'מאַקטיוויטע'ט — די. מצ נבֿ.
אומטעטיקייט. “זיי באַשולדיקן די פֿירער אין שוואַכקייט

און א'...", אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל"אַ 1957.
אומאַקלימאַטיזירט — אַדי. ניט־
אַרײַנגעפּאַ ט אין נײַעם קלימאַט, אין נײַער סבֿיבֿה.
א'ער אימיגראַנט. ־קייט.
אומאַקסיאָמאַטיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
אַן אַקסיאָם. אַן א'ע הנחה ־קייט.

·

ניטאָ קיין זויערשטאָף. רײנער, א'ער מעטאַל.
אומאָקסידירט — אַדי. וואָס אין דעם איז

־קייט.
אומאַקערן — טרוו. אַקער אום, ~געאַקערט.
1. אַקערן פֿונדאָסנײַ. א, דאָס פֿעלד צום
פֿאַרזיי. "זיא אַקרטן גאַר גישווינדן, גאַר אום
אַקרטן זיא דאז לנד", מדרש ויושע, פּראָג
1686 [ל. לאַנדוי, פּש 2 .III]. שטאַרק
אַרומנישטערן. א, די צימערן צו געפֿינען די
שליסלען. 3. שווער אַרבעטן פֿיזיש אַ לענגערע
צײַט. א, גאַנצע טעג און ניט פֿאַרדינען קיין
וואַסער אויף קאַשע.
אומאַקצענטירט — אַדי. 1. וואָס דער טראָפּ,
דער קוועטש קומט ניט אויף דעם. א'ער טראַף.
2. וואָס ווערט ניט אַרויסגעהויבן. דער א'ער

פונקט פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען ־קייט.

.

אומאַקצעפּטירט — אדי. ניט אָנגענומען.

-

א'ע סחורה, מיינונג. ־קייט.
אומאַקצעסטירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט אָננעמען. א'ע תּנאָים. ־קייט.
אומאַראָפּשטײַגלעך — אַדי. ווב
ראָכקינדי
שקל אַר. וואָס מע קען פֿון דעם גיט
אַראָפּו
שטײַגן. א'ע בערג. „דער עראָפּלאַן פֿליט אַריבער א, דעם גאַנצן שטח„.
אומאַרבעט — די, ־ן. 1. שלעכטע אַרבעט. מע קען ניט ניצן אַזאַ א'. 2. היפּוך פֿון אַרבעט. „אַ פֿילאָזאָף פֿון א, צי גאָר פֿון אַנטיאַרבעט“, צײַט, טמז, 8 1963 XI.
אומאַרבעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומאַרבעטן. “פֿאָלקס־עטימאָלאָגישע א, פֿונעם צווייטן גליד אויסן מיטלהויכדײַטשן בײַוואָרט...“, נפ, ייִפֿא, 1 ,1938.

אומאַרבעטן — טרוו. ־בעט אום, ~געאַרבעט.
איבעראַרבעטן, מאַכן אַן אַרבעט אויף אַן
אַנדער אופֿן כּדי צו פֿאַרבעסערן פֿאַרריכטן. א אַ

' '

מלבוש לויט דער נײַער מאָדע. א, אַ דאַמענהוט.
אומאַרבעט(ס)־פֿעאיק — אַדי. וואָס קען
ניט מער אַרבעטן ווי פֿריִער, ווי מע דאַרף. נאָך
אַ לענגערער קראַנקייט ווערן א'־פֿ, ־קייט —

.

,,קראַנקייט־פֿאַלן וועלכע זײַנען אומבאַדינגט
געבונדן— מיט א'־פֿ',,, טאָז, וואַרשע 7 1930, No־8.
אומאָרגאַניזאַטאָריש — אדי. וואָס איז ניס
ווי בײַ (פֿון) אַן אָרגאַניזאַטאָר. א'ע בײַטענישן
אין לעצטן מאָמענט. ־קייט.
אומאָרגאַניזירט — אַדי. וואָס איז ניט (גו)
אָרגאַניזירט; וואָס געהערט ניט צו אַן
אָרגאַניזאַציע. א, אין דער אַרבעט. אַן א'ער אופֿן
לערנען. א'ער אַרבעטער. א'ע מאַסן. ־קייט
— ,,מדינהשאַפֿטלעכקייט איז דער סוף צו א,
און צו אַנאַרכיע,,, ימ, איינהייטלעכע
פֿאָלקשול, 1922*
אומאָרגאַניזירן — טרוו. ־זיר אום, ~
אָרגאַניזירט. אויך מיט ז י ך. איבעראָרגאַניזירן,
אָרגאַניזירן אויף אַן אַנדער שטייגער. א, די

שולסיסטעם.

אומאָרגאַניש — אַדי. 1. וואָס איז ניט אָרגאַניש, ניט פֿון בעלי־חיים און ניט פֿון געוויקסן. די א'ע וועלט. „עס איז שווער צו אונטערשיידן די ערשטע אָנפֿאַנגען פֿון אָרגאַנישע אויסבילדונגען פֿון א'ע,,, דער וואַרער ציל פֿון אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901. 2. (כעמיע) וואָס האָט ניט אין זיך דעם עלעמענט ק ו י ל נ ־ ש ט אָ ף. א'ע פֿאַרבינדונגען. א'ע ז אַ ל צ ן. א'ע כ ע מ י ע = טייל כעמיע וואָס פֿאָרשט אַלע עלעמענטן־פֿאַרבינדונגען, חוץ די וואָס האָבן אין זיך קוילנשטאָף. 3. וואָס איז ניט אין (לויט) דער נאַטור, דער טבֿע. א'ע טעטיקייט. ־קייט.

או'מאָרדינאַ'ר, ־נע'ר — אַדי. ניט־געוויינלעך. א'ע אויפֿטועז, דערגרייכונגען. א'ע שאַפֿונגען. ־קייט.

אומאָרדנטלעך — אדי. נר. 1. וואָס איז אָן אַן אָרדענונג. א אָנגעוואָרפֿענע סחורה. א'ע

געשעפֿטס־פֿי'רונג. 2. דזוו אומאָרנטלעך ←. ־קייט — „זי האָט די יעניקע, וועלכע האָבן איר פֿון ראָזעס א, דערציילט מיט שימפֿווערטער

אומאָריענטירט

באַשאָטן", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
אומאָרדענונג — די, ־ען. היפוך פֿון אָרדענונג. „די רעגירונג פֿאַרווערט ניט...מנינים אויף דאַוונען...אויב נאָר עס קומט ניט פֿאָר דערבײַ קיין א'", ייִפֿאָל, 1886 40 ,No. „אונטערזוכונגען, כּדי אויפֿצודעקן די א, אין דער באַלעבאַטישקייט פֿון די קוילנהידראַטן אין אָרגאַניזם", טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. א'ס־ך י נ ס ט — שפּאָט־אויסדרוק אין די געטאָס פֿאַר 'אָרדנונגסדינסט', אַרבעט־אַמט, אַרבעטצוואַנג, בכלל קאָרופּציע און שווינדל. „ייִדישער א־ד, און אַנדערע מכּל־הנערים־געמיינהייטן", בלוס, רינגעלבלוס־אַרכיוו, 1942.
אומאָרדענען — טרוו. אָרדן אום, ~געאָרדנט. איבעראַראַנזשירן; מאַכן, אײַנשטעלן לויט אַן אַנדער אָרדענונג. א, די זאַכן לויטן אייגענעם גוסט.
אומאַרויסגערעדט — אַדי. ניט־אַרויסגערעדט. „און אויב ניט קיין אַרויסגעבראַכטן מינדלעכן דאַנק איז כאָטש אַן א'ע דאַנקבאַרקייט אין זייערע הערצער", אַ. גאָרדין,

יאַנאָווסקי..., ל,,אַ 1957. ־קייט.

אומאָרט — דער (דאָס), ~ערטער. שלעכט, ניט־פּאַסיק, ניט־צוגעפּאַסט אָרט. מע קען זיך ניט שפּילן אויף אַזאַ א'. מע קען קיין זאַך ניט זען פֿון דעם א'.

-

אומאָרטאָגראַסיש — אַדי. וואָס איז קעגן דער (אָדער ניט ווי די) אָרטאָגראַפֿיע ווײַזט אָן. צופֿעליקער, א'ער אויסלייג.

אומאָרטאָדאָקסיש — אַדי־ ניט־אָרטאָדאָקסיש. א'ע מיינונגען. א'ע פֿירונגען ־קייט.

.

אומאַרטיסטיש — אַדי. ניט־גענוג קינסטלעריש. וואָס איז ניט ווי בײַ (ווי עס פּאַסט פֿאַר) אַן אַרטיסט. א'ע פֿאָרשטעלונג. א'ע קאָפּיע. ־קייט.

אומאַרטיק — אַדי. דטשמ. אומדערצויגן; וואָס איז מיט שלעכטע מאַנירן; אומאָנשטענדיק. ,,ווי ניט־פֿײַן און א, אונדזער דירעקטאָר...האָט זיך אַמאָל באַגאַנגען,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן. ,,מיינט ניט אַז...אַלע אָרעמע זײַנען א, און נאַריש,,, י. בודזאָהן, דער מקח טעות, ווילנע 1890. ־יקייט.

אומאַרטיקולירט — אַדי. ניט־געניג קלאָר אַרטיקולירט. א'ע קלאַנגען. „קניט אין א'ן ווײַ“, מ. י. חאַימאָוויטש, 'די שטימע פֿון טאָל'. אויך: ~אַרטיקולע'ר. „איך האָב קוים בּאַוויזן מיט אַלערליי א'ע בּרומענישן, זשעסטן און מיט אויגנשפּראַך צו בּאַהאַלטן מײַן טיפֿע פֿאַרלעגנהייט“, לע, טמז, 9 X 1963. ־קייט.

אומאַרטעליזירט — אדי. סאָוו. ניט־פֿאַראייניקט אין קיין אַרטעל. א'ע בּעקערײַ.

או'מאָריגינע'ל — אַדי. ניט־אָריגינעל. א'ע געדאַנקען. ־קייט.

אומאַריסטאָקראַטיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בּײַ (ווי מע קען זיך ריכטן פֿון) אַן אַריסטאָקראַט. א'ע האַלטונג —קייט.

.

אומאָריענטאַציע — די, ־ס. פֿאַלשע אָדער ניט־פּאַסיקע אָריענטאַציע. אַ פֿאַרפֿירערישע א..

אומאָריענטירט — אַדי. ניט־אָריענטירט. א'ער פּאָליטיקער ־קייט.

.

אומאַרמונג

אומאַרמונג — די, ־ען. דטשמ. ←

אומאָרעמונג. אַרומנעמונג, דאָס אַרומנעמען מיט (אין
די אָרעמס. „...וועסט אין אַ צווייטנס אָרעמס אָן
מײַן א, בענקען", יהואָש, זון און נעפּל. „זי
גייט צו איר לעצטע א', צום קבֿר — איר
חתונה־בעט", ווינטש II, נ"י 1927.
אומאַרמען — טרוו. אַרעם אום, ~גאַאַרעמט.
נר. דטשמ. ← אומאָרעמען. „ווײַל דו אײַלסט
זיך אַנטקעגן צו גיין דער ספֿר־תּורה און עס צו
א, צו קושן...", עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד
היראה, קאַשוי 1866. „די אַלטע לײַט...האָבן
אים [יפּתחן] מיט ליבשאַפֿט אומגעאַרעמט",
ל. לעווינזאָהן איבז, י. מ. וואהלמאַן, יפּתּחס
נדר, ווילנע 1873. „פֿאַרדונגען זײַנען מײַנע
הענט, איך טאָר דיך ניט א, — ניין!", מר I, נ"י
1908. „האָט, קענטיק זיך דערוואַרעמען געוואָלט
און גענומען א, מײַן האַלדז", י. ראָלניק, גש.
אומאָרנטלעך — אַדי. וואָס איז ניט־ערלעך,
ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, ניט לויט
אײַנגעשטעלטע כּללים פֿון אויפֿפֿיר. אַן א, שפּילן. אַן
א, געשעפֿט. „רפֿאל דער שנײַדער דאַרף זײַן...
דער א'ער פּראָצענטניק", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם
שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. ־קייט —
„איז זי אַוועקגעגאַנגען און האָט...דאָנאָשעוועט
די א, פֿון דעם אָפֿיצער", ג'ל'כ'ז, [איבז],

קאַמבֿער מיט דער פּרינצעסין אַרעסיניע, ווילנע 1870.

אומאָרעמונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אומאָרעמען (זיך). אַ וואַרעמע א'.

אומאָרעמען — טרוו. אָרעם אום, ~גנעאָרעמט. אַרומנעמען, אַרומכאַפּן מיט (אין) די אָרעמס. א, דאָס קינד.

א ᠎ מאָרעמען זיך — אוטוו, קזוו. ← דפֿוו. אַרומנעמען מיט די אָרעמס איינס ס אַנדערע.

,

„מאַמע און טאָכטער האָבן זיך אומגעאָרעמט און געקושט„, קמ, 44 1864, No.

אומבאַאומרואיקט — אַדי. וואָס איז נאָך ניט געוואָרן אומרואיק. אַן א'ער נאָך דער ידיעה וועגן נײַעם אָנפֿאַל. ־קייט.

אומבאַאײַנפֿלוסט — אַדי. וואָס איז ניט מושפּע געוואָרן. „עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז קיינער פֿון אָט די צוויי געגנערישע פּראָצעסן [עוואָלוציע און צעשטערונג] קומען ניט פֿאָר לחלוטין א, פֿון אָט דעם אַנדערן„, מעריסאָן איבֿז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אומבאַאַכט — אַדי. שפּאַניש־אידישער ווב, בֿ„א 1931. וואָס מע לייגט אויף דעם ניט קיין אַכט; וואָס מע באַמערקט ניט. „די קעניגין איז

געצוואונגען געוועזן אַ פֿיל קלענערע און אַן
א'ע ראָלע אָנצונעמען,,, לאיזע, דעס קעניגס
געשעפֿטספֿערזאָרגער, בוקאַרעשט [יאָר?].
אומבאַאקערט — אַדי. ניט־באַאַקערט. אויך:
ניט־באַווירקט, ניט־באַאַרבעט. ,,אָרגאַניזירן די
שווערע א'ע 90 פּראָצענט פֿון יידישן המון,,,
ימ, נײַס, 1926. ,,דער דאָזיקער סעקטאָר [איז]
ביז אַהער געבליבן כמעט אַן א, פֿעלד,,, ייבל
XIII, ידיעות 9־10. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַאַרבעט — אַדי. 1. וואָס מע האָט
אויף דעם כלל ניט געאַרבעט. ,,א'ע פֿעלדער
שפּרייטן זיך פֿאַרוואַקסענע מיטווילדגראָז,,.
,,פֿאַרוויסט און א, זייער שטיקל פֿעלד", מר II,

נ,,י 1908. ,,די גרעסערע העלפֿט פֿעלדער א,
געבליבן", ר, יוסף מרדכי גינצלער, חזון ישעיה,
טארנא (סלאָוואַקײַ), 1929. ,,ניו־יאָרק, אַזאַ
גרויס און ברייט פֿעלד פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, איז
א"", אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל"אַ 1957.
2. וואָס איז אין אַ רויען צושטאַנד. א'ער
אַרץ. ,,אויף די אוראַל־בערג,...קויפֿט ער [
פלאַטין] אין רויען א'ן צושטאַנד,,, מר I י, נ""

.1910
3. ניט־פֿאַרענדיקט, ניט דערפֿירט צו שלימות. „מיר דרוקן עס א', דה אומפֿאַרענדיקט“. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מבאַבוי'ט — אַדי. וואָס אויף דעם זײַנען נאָך ניטאָ קיין (סך) הײַזער. א'ע גאַסן אין חרובֿע שטעט. „איז גאַנץ וויניק באַוואוינט, און א',,, אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878. ־ערהייט... — אַדוו. ־קייט.

אומבאַבלעטערט — אַדי. וואָס אויף דעם זײַנען נאָך ניטאָ קיין בלעטער. א'ע ביימער. ־קייט.

אומבאַבערדלט — אַדי. (שפּאַסיק) וואָס איז נאָך ניט באַצירט מיט אַ בערדל. א'ער ישיבֿהבחור. ־קייט.

אומבאַברעמט — אַדי. וואָס אויף דעם איז ניטאָ (ניט געמאַכט) קיין ברעמען. אַ ליאַלקע מיט א'ע אויגן. ־קייט.

אומבאָברען זיך — אוטוו. ־רע זיך אום, זיך ~געבאָברעט. טאָן עפּעס פּאַמעלעך, ניט־ווילִיק אָדער ניט וויסנדיק ווי אַזוי. א, זיך אין קיך. ־עניש.

או'מבאַגאַ'בט — אַדי. דטשמ. נר. אומפֿעאיק, ניט־טאַלענטירט. אַן א'ער מענטש ־קייט.

.

א   אַגאָסן — אַדי. וואָס מע האָט אויף דעם ניט געגאָסן. לאָזן די בייטן א', אומבאַוואַסערט.

־ערהייט — אַדוו.

אומבאַגיטיקט — אַדי. ניט־באַפֿרידיקט; ניט □ אָנגענומען. א'ע בקשה.

אומבאַגיילעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען אָן דעם זיך ניט באַגיין, אויסקומען. „ווי ווערטיק און א, די דאָזיקע פֿאַקטן זאָלן ניט זײַן„, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־קייט.

אומבאַגײַסטערט — אַדי. ניט־באַגײַסטערס. א'ער אויפֿנעם. „זײַנען נאָך גאַנץ א, און זייער פֿאַרצווייפֿלט“, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. ־קייט.

או'מבאַגי'לדט — אַדי. ניט־איבערגעצויגן מיט גאָלד. א'ע אײַנבונדן. א'ע בעכערס. א'ע מענטעלעך.

או'מבאַגליי'בט — אַדי. וואָס מע גלייבט ניט אַז עס איז אַזוי. „ווי א, עס איז די געטרײַשאַפֿט און ווי באַגלייבט — די פֿאַלשקייט“, ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. ־קייט.

אומבאַגלייב □ יק, ־לעך — אדי. וואָס קען (דאַרף) ניט זײַן באַגלייבט. א'ע עדות. ־(י)קייט.

או'מבּאַגליי'ט — אַדי. וואָס פֿאַרלאָזט דאָס
אָרט אָן באַגלייטער. אַוועקפֿאָרן, אַוועקגיין אַן
א'ער. ־ערהייט — אַדוו. גיין בײַנאַכט א'.
או'מבּאַגלי'קט — אַדי. ניט־געמאַכט גליקלעך.
דער איינציקער א'ער צווישן די געווינערס.

או'מבּאַגריי'סט

א — אַדי. פּפֿ: ~גנעדיקט.
נר]. וואָס מע האָט אים די
שטראָף ניט געשאָנקען. וואָס מע האָט דעם קיין
חסד ניט אַרויסגעוויזן. אַן א'ער אַפֿילו נאָך דער
אַמנעסטיע.
אומבּאַגנבֿעט — [...גאַנוועט] — אַדי.
ניטבּאַגנבֿעט. די איינציקע א'ע דירה.
אומבּאַגעגנט — אַדי. ניט־באַגעגנט.
אַרײַנקומען שטיל און א, פֿון קיינעם. ־ערהייט —
אַדוו.
אומבּאַגעגעניש — דאָס (די), ־ן. ניט־
געוואונטשענע אָדער שלעכטע באַגעגעניש. „
באַשערט אַן א', האָב איך זיך גראָד אָנגעשטויסן
אויף אים„, רייד.
או'מבּאַגע'רט — אַדי. וואָס מע וויל ניט.
מוחל די א'ע טובֿה. א'ע מויד. ־ערהייט —

אַדוו. —קייט.

א אַגעריק — אַדי. וואָס וויל עס ניט. וואָס האָט ניט קיין בּאַגער. ,,דר אַרמיר דר אין זײַן בּיטרניש דר לענגירט אום בּגעריג זײַן לעבּין,,, בּן המלך והנזיר, איבּז, זשאָלקעוו 1771.

־יקייט.

אומבּאַגראָבּן — אַדי. ניט־בּאַגראָבּן. ,,דיא חרפּה, דשׂ זיא זיך ווערן אום שלעפּן אויף דעם פֿעלד און בּיגראבּן,,, צאינה, צו. ״צו בּלייַבּן א, און צו זײַן אויסגעשלאָסן פֿון דעם סדר הדורות,,, אמד, איינע רײַזע אין אַפֿריקאַ, ווילנע 1871. ־ערהייט — אַדוו.

או'מבּאַגראָ'זט — אַדי. וואָס איז ניט בּאַוואַקסן מיט גראָז. א'ע זאַמדן. ״שטראַלן בּרענען אויף די שטיינער, די ווילדע, קאַלע, א'ע שטיינע ר,,, י. בּאָוושאָוער, געזאַמלטע ווערק, נ,,י

-

.1911

אומבּאַגרײַסבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דווו.
קייט, ראָכקינד־שקליאַר ווב.
אומבּאַגרײַפלעך — אַדי. 1. וואָס איז ניט
משׂיג צו זײַן; וואָס מע קען ניט באַנעמען,
פֿאַרשטיין. „און דער...מאָדנער און
אומפֿאַרשטענדלעכער פּריץ מיט די א'ע, אויסטערלישע און
משונהדיקע קאַפּריזן...„, יק. „[מציאות הש]...
בײַ דיזער א'ע זאַך...„, ספֿר מבֿחר הפּנינים,
הומבורג תּצ„ט. „אַך! ווי אַן א'עס געפֿיל
ערוועקט זיך אין מײַן האַרץ„, אַבֿיגדור בּרכי, רוף,
איבז, רינאַלדאָ רינאַלדיני, וואַרשע 1865. „דײַן
כאַראַקטער איז דאָ א, פֿאַר אַלעמען אין הויף„,
ווינטש I, נ„י 1927.
2. וואָס מע קאָן ניט דעפֿינירן מיט דער הילף
פֿון קלאָרע און באַשטימטע באַגריפֿן. א'ער
מהות פֿון גאָט. „די א'ע וואונדער־נאַטור„,
מאַקמאַן. ־קייט — „דאָ וויל ער אויך, דער '
אַלטער', זיך אַרומוויקלען מיט א, און ווערן 'אַין,,
נישט“, מבא, דער גייער.
אומבּאַגרינדלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
באַגרינדן. אַן א'ע טעאָריע ־קייט.

אומבּאַגרינדעט — אַדי. ניט־בּאַגרינדעט.
ניטמאָטיווירט. א'ע בּאַשולדיקונג. ־קייט — ,,וואָס
שטרענגער דער העבּרעאיזם איז פֿאָרמולירט,
ווײַזט ער אַלץ מער אַרויס זײַן...א'", ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.
או'מבּאַגריי'סט — אַדי. ניט־בּאַגריסט. זיד
פֿילן ווי אַן א'ער גאַסט. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומבּאַגריפּן
אומבּאַגריפֿן — אַדי. 1. וואָס איז געבּליבּן
ניט־פֿאַרשטאַנען. 2. דזוו אומבּאַגרײַפֿלעך.
,,ס'קומט אַמאָל אַ וואָרט צו גרייכן — און
פֿונוואַנען? א'", אַר, 'דאָס וואָרט, ־קייט.

.

אומבּאַגרענעצט — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ
גרענעץ, אָן אַ שטער, לחלוטין אָן אַ קאָנטראָל.
א'ע מאָנאַרכיע. א'ע פֿרײַהייט. א'ער
אויסשפּרייט. "די מידה פֿון אמת איז אַן א'ע נחלה",
תּניא. ,,געענדיקט איז די צײַט פֿון טרוימען אין
א'ע אַוויר־רוימען,,, יהואָש, 'בּײַם טויער פֿון
לעבּן'. ,,דורכן פֿענצטער ווערסטו זען...דעם א'ן
טיפֿן הימל־בּלאָ", דא, גש.
2. וואָס איז ניט אַרומגעצוימט. ,,אַ בּרייט,

גרויס און א, פֿעלד,,, ווײַס, 'דער איבֿערגאַנג'.
3. זייער שטאַרק. ,,א'ע ליבֿע,,, אמד, די אַלטע ליבֿע ראָסטעט ניט, ווילנע 1876.
־קייט — ,,מע מוז אָננעמען דעם רעיון וועגן דער א, פֿון פֿערזענלעכער אויסלײַטערונג און דערהייבֿונג“, ימ, נײַס, 1923. ,,אונדזער רוים — בײַ זײַן גאַנצער א, — קאָן פֿאַר קיין פֿאַל נישט זײַן אומענדלעך גרויס“, יאַשונסקי איבֿז, ה. שמידט, דאָס וועלט־בילד.

אומבֿאַדאגהט — [...דײַגע] אַדי. וואָס האָט ניט קיין זאָרג, דאגות. אַן א'ער מיט אַ גרינגן קאָפּ.

או מבֿאַדאַ'כט — אַדי. אומבֿאַרעכנט, אומפֿאָרזיכטיק, אומאיבֿערלייגט. ,,אונד דיא שטערן זעהר גינגן גשווינד אום בֿדאַכט,,, ספֿר משל הקדמוני פּֿפֿאַ תּק,,ט. ־ערהייט — אַדוו. ענט, פֿערן א'. ־קייט.

או מבֿאַדאַ'נקט — אַדי. ניט־בֿאַדאַנקט. א'ע טובֿה. ־ערהייט — אַדוו.

אומבֿאַדויערט — אַדי. ניט־בֿאַדויערט. אַן א'ע אַבֿידה.

אומבֿאַדונגען — אַדי. ניט־בֿאַדונגען.

צושטעלן סחורה א'. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַדײַטיק — אַדי. דזוו אומבּאַטײַטיק ←. „און דער ריטעם וועט אָנגיין...מיט לפֿי ערך א'ע שטערונגען„, מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. ־יקייט.

אומבּאַדײַטלעך — אַדי. ניט־קאָנטיק. וואָס האָט אַ קנאַפּן ווערט. א'ער צוּוואוקס. ־קייט.

אומבּאַדײַטנדיק — אַדי. פּפֿ: ~בּאַדײַטנד, דטשמ. 1. דזוו אומבּאַטײַטיק. „אַ שאַפֿנדיקער מענטש קען אין לעבּן אַמאָל אויסזען אָרעם, שטום, א'„, שנ, לעזער, דיכטעך, קריטיקער I. 2. ניט־וויכטיק. „קהלשע פֿראַגן, ווידער, זײַנען דאָ זייער אומבּאַדײַטנד אַפֿילו אין די קליינע, ענגע לאַנדסלײַט־קרײַזן„, ווינטש II, נ"י 1927. ־יקייט.

או'מבּאַד◌'נגט — אַדי. אָן אַ בּאַדינג, בּליספֿקדיק, אַנטשיידן. א, נייטיק. „ווי אַ מאַן פֿון א'ן חובֿ...קומט [ע◌] ניט צו שלאָגן זיך אין האַרצן על־חטא פֿאַר די בּאַגאַנגענע זינד", זשיט IX. „גלייבּן אין אייגענעם לעבּן איז דער ערשטער א'ער תּנאַי אויף בּאמת טאַקע צו לעבּן און אויף עפּעס צו טאָן„, ימ, נײַס, 1923. „...דאַרף א, בּאַלד אַרויסקומען", ווײַס, 'דער איבּערגאַנג.. א'ער רעפֿלעקס = היפּוך פֿון תּנאַי־רעפֿלעקס.

„דער מעכאַניזם פֿונעם א'ן רעפֿלעקס איז שוין
גרייט בײַם בעל־חי צום מאָמענט, ווען ער ווערט

געבוירן“, ט. בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו
.1927
־קייט — „[די ייִדישע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס]
האָבן ניט געקאַרגט קיין כּוחות — און געווען
זיכער אין זייער נוצלעכקייט און אַפֿילו א',,,
פֿגעז, פּאַריז 6 1949, No־7.
אומבאַדינגלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען
ניט באַדינגען. אַן א'ער חלק. 2. וואָס איז אָן
שום תּנאַי. א'ע הילף. „זיך קיינמאָל נישט
דערקלערט פֿאַר אַ געשוואוירענעם א'ן פֿרײַנד פֿון
דײַטשלאַנד“, יג, טמז, 7 ⃞ 1964 III. ־קייט.
אומבאָדעווען — אוטוו. ־דעווע אום, ~
געבאָדעוועט. לר, וורר. 1. אַ לענגערע צײַט זיך
פֿאַרנעמען מיט גאָרנישט; פּטרן צײַט.
אַוועקפֿאָרן לערנען און א אַ גאַנצן זמן. 2. (וועגן
,
קינדער, יוגנטלעכע) אַרומלויפֿן, זײַן ווילד, זיך
שלאָגן. „אַז דער טאַטע איז ניטאָ אין דער היים,
באָדעווען זיי אום. זיי האָבן אַפֿילו

אויסגעבּראָכן אַ שויב,,, רייד.

או'מבּאַדע'נקט — אַדי. אומבּאַטראַכט. טאָן א'ע זאַכן. ־קייט.

אומבּאַדענקלעך — אַדי. וואָס עס לאָזט זיך ניט בּאַדענקען, בּאַטראַכטן. א'ע שוועריקייטן. ־קייט.

א□'מבּאַדע'קט — אַדי. ניט־בּאַדעקט. א'ע סחורה. ,,א'ע טיילן פֿון קערפּער,,, פֿגעז, פּאַריז 9 1949, No. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

א אַדערפֿטיק — אַדי. ניט־בּאַדערפֿטיק. א'ע קומען אויך בּעטן הילף.

או'מבּאַדראָ'ט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז ניט אין קיין (אַ) געפֿאַר. בּאַשיצט. געזיכערט. בּאַפֿעסטיקט. א, פֿון דעם שׂונאס קוילן, אַטאַקעס.

או□מבּאַדרי'קט— אַדי. ניט־בּאַדריקט. אַן א'ער מיעוט.

א אַהאַוונט — אַדי. ניט־בּאַהאַוונט. א'ע מיינונג. א, אין וועלט־פּאָליטיק. ־קייט.

אומבּאַהאַלטן — אַדי. וואָס מע טוט אָפֿן, ניט בּסוד. אַן א'ענע עבֿירה. ,,ציַיגט עס אויף א'ענע אויסגעלאַסנהייט,,, איבּז פֿון ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע 1882. ־ערהייט — אַדוו. רייכערן שבּת א', מעשׂה צו־להכעיסניק.

־קייט.
אומבאַהאָלפֿן — אַדי. 1. וואָס וואָלט
באַדאַרפֿט האָבן און האָט ניט קיין הילף; שוואַך.
אַ קליין א, קינד. א, און אומגליקלעך. „ניט צו
חוזקן פֿון יענע ייִדן, די א'ענע,
אויסגעמוטשעטע, וואָס זײַנען געפֿירט געוואָרן צום
אומקום“,
הל, טאָג, 25 ▯ 1955 I.
2. וואָס איז נעבעכדיק, שלימזלדיק. אַן א'
ענער מענטש. „וויסטע נעכט און טעג, ווען א„
אומבאנוגנט פֿאַרבלײַבט מען שטיין אין וועג“,
־
,
אַל II. „איז געווען פונקט אַזוי א, אין
געלטעונינים ווי אין אַלע אַנדערע פּראָבלעמען„, פֿאָר,
2 3 ▯19 III.
3. האַמעטנע, מגושמדיק; טאַנדעטנע. א'ענע
רייד. א'ענע קאָמפּאָזיציע. „און דערפֿאַר זײַנען
זיי אַזוי א„ די אַלע מאָדערניזירער און
באַנײַער פֿון דעם ייִדנטום„, קאַר II. ־ערהייט
— אַדוו, ב▯.

אומבאַוואוי'נט

אומבּאַהאָלפֿנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומבּאַהאָלפֿן. „ער האַלט זיך אָן דער טיר מיט
פֿאַרהאַקטע ציין — אַ מרוטשען פֿון א'„, ווײַס, אַ
שטעטל. „אַ באַגײַסטערטע א, און אַן
אומבּאַהאָלפֿענע בּאַגײַסטערטקייט“, ימ, נײַס, 1922.
א אַהאַנדלט — אַדי. ניט־בּאַהאַנדלט; ניט
אויפֿגענומען צום בּאַהאַנדלען. א'ער פּאַציענט.
א'ע פּונקטן אויפֿן סדר־היום.
אומבּאַהאָפֿטן — אַדי. 1. ניט־בּאַהאָפֿטן.
אַ גלאַטע, א'ענע בּלוזקע. 2. וואָס איז ניט
צוגעשטאַנען, אומפֿאַראייניקט. א, צום פֿאַראיין.
איין א'ענער עלעמענט. ־קייט.
או'מבּאַהאָ'רט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
האָר אויף זיך. א'ע הענט. ־קייט.
או'מבּאַהאַ'רצט — אַדי. ל2. אָנמוטיק.
איבּערגעשראָקן. א'ער פּשרה־מאַן. ־קייט —
איבּערגעשראָקנקייט, שרעקעוודיקייט.
אומבּאַהיט — אַדי. ניט־בּאַהיט. „דער קנעכט
זאגיט אלדא פֿון מיר דוא און בּיהיט בּישׂט דען
איך פֿאָרכט מיו זיכר נישט“, ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686 ־קייט.

.

או'מבּאַהיי'צט — אַדי. ניט־בּאַהייצט.

אייבערשטער א'ער גאָרן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייטי
אומבאַהילפיק — אַדי. 1. וואָס מע האָט
פון דעם ווייניק הילף. א'ע געזעלן. 2. וואָס
קען זיך אַליין ניט העלפן. שוואַך,
אומגעראָטן. א'ע באַווייזן. ־יקייט.
או'מבאַהע'פּט — אַדי. ניט־באַהעפט. א'ע
בלעטער. ־קייט.
אומבאַהערשבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ← אומבאַהערשלעך. „א'ע לײַדנשאַפט“,
דער וואַרער ציל פון אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901.
או מבאַהע'רשט — אַדי. 1. ניט־באַהערשט.
אַן א, פאָלק. 2. אויך: וואָס פאָלגט ניט. „א'ע
פיס„, ימ, 1930. „דאָס פאָלק האָט
דעמאָקראַטיזירט די פּאָעזיע און אונטערדריקט יעדן א'ן
לויף פאָרויס„, יג, טמז, 23 1964 II. ־קייט.
אומבאַהערשלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען
ניט גובר זײַן, קאָנטראָלירן. „מיט אַ געפיל פון
מידקייט, וואָס גייט שנעל אַריבער אין אַן א'ן
דרעמל“, פגעז, ווילנע 2 .3 1940, No. וואָס מע
קען ניט באַצווינגען, באַהערשן, פאַרשקלאַפן.
אַן א, פאָלק קייט — א, פון תאווה.

.

אומבאַוואוינבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
מע קען (דאַרף) ניט באַוואוינען, וואָס איז ניט

צוגעפּאַסט צום וואוינען. „אַן אָפּענע מלחמה קעגן סלאָמס (א'ע הײַזער)“, טמז, 12 ◻ 1961 II.

או◻מבּאַוואוי'נט — אַדי. וואָס מע וואוינט ניט דאָרטן. א'ע דידה. „דען פֿון וועגן דעז צורן גאָטשׂ מוז זיא און בּיוואנט אונ, גנץ ווישׂט בּלייַבּן“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, נ, l3. „איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אויף אַן א'ן אינדזל„, יעקבֿ ראַווינסקי, דער פֿאַלשער שולדבּריעף, וואַרשע 1885. „די א'ע בּערגער„, אַבֿיגדור בּרכיה רוף איבּז, רינאַלדאַ רינאַלדיני, וואַרשע 1865. „דערווײַל זײַנען דאָך נאָך פֿאַראַן —אַזוי פֿיל א'ע ערטער אויף דער ערד...“, דר, י. וואַלאַך, טמז, 17 1963 II. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבּאַוואונדערט

אומבּאַוואונדערט — אַדי. ניט־בּאַוואונדערט. א'ער טאַלאַנט.

או◻מבּאַוואו'סט — אַדי. 1. וואָס מע ווייסט ניט וועגן דעם בּכלל אָדער ניט גענוג פּינקטלעך. א'ע כּוחות. א'ע גרייס. א'ע סיבּה. „דיא צאהל פֿון דיא זעלבּה איז אום בּוואושׂט...„, מ. ז.

איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג תּקל״ה. „האָט
איר געפּרוּווט קעמפֿן אַנטקעגן דער א'ער
אַסימילאַציע וואָס גייט אָן אין דעם אַמעריקאַנער
לעבּן?“, זשיט □I. „דאָס איז בּײַ זיי געבּליבּן
א'“, [אמד], הנסיון, ווילנע 1856. אויך סובּ. די
א'ע = א'ע גרייס. “נאָך איידער ער איז
אָנגעקומען אין רעאַלשול האָט ער שוין געמאַכט
אַלגעבּריצעסקע זאַדאַצעס מיט צוויי א'ע“, □ יש
יהודי [לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטערבּורג
.No ,1901 27

2. וואָס דערגייט ניט צום בּאַוואוסטזײַן. א'ער
דראַנג. „לעבּט אַן א, שטרעבּן, אַ בּאַגער צו
ווערן בּעסער„, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. „די שעהן
□ ײַנען געגאַנגען פֿאַר אים א'ע“, דעמבּלין, צוויי
און אַ דריטער.

3. וואָס מע קען ניט, איז ניט בּאַקאַנט. א'ער
טוער. “אָט די א'ע מענטשן טוען אין דער שטיל
גרויסע זאַכן“, ספּ, סודות. ־ערהייט — אַדוו.
או'מבּאַוואוסט — דער. מצ נבּ. דזוו
אומבּאַוואוסטזײַן.
אומבּאַוואוסטזײַן — דער (דאָס). מצ נבּ.
1. צושטאַנד פֿון (דערווײַליקער)
בּאַוואוסטלאָזיקייט; יעדער מין צושטאַנד, ווען דער

סובּיעקט
וואָס איז אין אים ווייסט ניט וואָס עס קומט פֿאָר.
2. סכום, גאַנצקייט פֿון אַלע פּסיכישע פּראָצעסן (אַקטיוויטעטן) וואָס דערגייען ניט צום בּאַוואוסטזײַן. „אונטערן א, איז די שלאָפֿיקטיפֿע נשמה געלעגן ווי אַן אוצר“, ח“י בּ־ר איבּז, סקיטאַלעץ, פֿעלד געריכט, וואַרשע 1907.
3. כּוללדיקער נאָמען פֿאַר אַלע פּסיכישע פּראָצעסן וואָס זײַנען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון בּאַוואוסטזײַן.
אומבּאַוואוסטזיניק — אַדי. 1. וואָס דערגייט ניט צום בּאַוואוסט(זײַן). א'ע מעשׂים, רעאַגירונגען. „ער האָט אַן א'ע אַכטונג פֿאַר איטלעכער מאַטעדיעלער קראַפֿט„, בּעמ III.
2. וואָס ווייסט ניט פֿון (קלײַבּט זיך ניט פֿונאַנדער אין) פּראָגראַמען, טעאָריעס, שיטות פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבּן. אַן א'ער קליינבּירגער, אַרבּעטער אע. [אין פּאַרטייאישן אופֿן ניצן — אַ מין זידלוואָרט מיטן בּ: אומגערעכט, נאַריש, פֿאַרפֿירט]. „ווען וויל מען דאָ נאַרן: צי זיך אַליין, צי דעם א'ן עולם?“, אַלגעמיינער אידישער אַרבּײַטער בּונד, דעך פּועלי־ציוניזם, זשענעוו 1905. אָפּט סובּ. דער א'ער. ־ערהייט

— אַדוו. „,...א, בין איך געווען צופֿרידן...,,,
חיים ערענרײַך פּאָר, 4 IX 1964.

,

אומבאַוואוסטזיניקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומבאַוואוסטזיניק. אַרויסווײַזן א', ווען מע רעדט
וועגן פּאָליטישן קאַמף. „נאָר די אָפּטע
איבערחזרונג...קאָן דורכברעכן די האַרטע וואַנט פֿון
דער א, פֿון די מאַסן,,, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע
.1929
אומבאַוואוסטע — די. מצ ווי אצ. מאַט ט'.

צאָל, גרייס וואָס איז ניט (פּינקטלעך) באַקאַנט
און דער סימבאָל פֿאַר אָט דער גרייס. ←
אומבאַוואוסט, ב1.
אומבאַוואוסטקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומבאַוואוסט. „איצט שטייט ער איינזאַם...אַן אייביק
איינער, אַ באַנומענער פֿון דער א'", אַל, 'אין
שאָטן פֿון דורות'. „די שול איז אַ טריט אין דער
צוקונפֿט, אָבער ניט אַ ווילדער שפּרונג ערגעץ
אין דער חושכדיקער א'", ימ, איינהייטלעכע

פֿאָלקשול, 1922. 2. עמעצער וואָס בלײַבט
אומבאַוואוסט. „ער איז סך־הכּל אַן א'“.
או'מבאַוואַ'כט — אַדי. ניט־געהיט פֿון אַ
וואַך. א'ע גיטער. „דער פּרעזידענט איז געפֿאָרן
אין אויטאָמאָביל א'„ בצג, טמז, 2 X 1964.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַוואַלדיקט — אַדי. וואָס מע האָט אויף
דעם קיין וואַלד ניט פֿאַרפֿלאַנצט. א'ע שטחים.
־קייט.
אומבאַוואָלקנט — אַדי. ניט־באַוואָלקנט. א'ע
הימלען.
אומבאַוואַנדערט — אַדי. אומגעניט; וואָס
האָט ווייניק דערפֿאַרונג. ביסקאָ ווב.
אומבאַוואַסערט — אַדי. ניט־באַוואַסערט. א'ע
פֿעלדער. „...5 העקטאַרן א'ע האָבן...
אַרויסגעגעבן נאָר 32 צענטנער„ ב. פֿײַגענבוים איבז,
בעבעל, די פֿרוי און דער סאָציאַליזם, נ"י 1911.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַוואָפֿנט — אַדי. 1. וואָס איז אָן וואָפֿן.
אַן א'ער המון. „נימאַלס איז עס געקומען צו אַ
בלוטפֿאַרגיסונג דען זיי וואַרן א'„ אמד,
קאַרטוכע, ווילנע 1878. „פֿאַלן זיי באַלד אַראָפּ פֿון
מוט, פֿילן זיך א„ אומקרעפֿטיק“, ל. לעוויק,
רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.

2. וואָס איז אָן שום אינסטרומענט, מכשיר, כּלי. "מע האָט מיט א'ע אויגן געקענט זען ווי די שול איז משפּיע דעם דיאַלעקט און רייַבּט אָפּ זײַנע בּאַזונדערקייטן" ים, די נײַע ייִדישע שול, מעקסיקע 1952.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבּאַוואַקסן — אַדי. פּפ: ~וואָקסן.

1. וואָס האָט ניט אויף זיך קיין געוויקסן. א' ענער אינדזל. 2. וואָס האָט ניט אויף זיך קיין האָר. א, ווי אַ סריס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבּאַוואָרנט — אַדי. ניט־אָפּגעהיט; ניטפאַרזיכערט. ישובֿים, א'ע פֿון פֿײַנדלעכע אָנפֿאַלן. א, אויף דער עלטער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבּאַוואַרעמט — אַדי. ניט־געמאַכט וואַרעם. א, פֿון ליבשאַפֿט.

אומבּאַוואָרעמט — אַדי. נעאָל. וואָס איז ניט גערירט פֿון ווערעם פֿאַראַן אַ ביין צווישן אַלע ביינער, וואָס א, בּלײַבּט ער איינער, איינער" סוץ פֿײַערוואָגן.

אומבּאַוואָרפֿן — אַדי. (שנײַדעריש) וואָס איז

ניט אַרומגעגנייט, באַנייט (ציַיטוויַליק) מיט
פאָדעם, פאַסטריגעס. א'ענע נעט, א'ענע קאַנטן פון
קאָסטיום, מלבוש. ־ערהייט — אַדוו.
או ווינזן — אַדי. ניט־דערווינזן. א'ענע
טענות. ־קייט.

אומבאַוועגלעך
או'מבאַוויַ'בט — אַדי. ניט־חתונה־געהאַט.
וואָס איז אָן אַ וויַיב. „ביַי דער געלעגנהייט פון
אַ פיַיערונג האָבן זיך די א'ע רוימער פאַרשאַפט
וויַיבער“, דר, מ. סיסטער, ייִבל 1 ,XIII־2. „זיי
זיַינען ביטער אַריַינגעפאַלן מיט דעם א'ן
פרעזידענט“, הרבֿ העפטערמאַן, פאָר, 22 l964 III.
־קייט
אומבאַוויַזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
פאַר דעם דענקען פון דעם רמבם און פון דעם
 ־
ייִדנטום איז גאָט דער א'ער אַקסיאָם„, קאָר I.
־קייט.
אומבאַוויַזלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
באַוויַזן. א'ע סבֿרות ־קייט.

.

א'מבאַוויי'נט — אַדי. ניט־באַווינט. אַוועק
פון דער וועלט אַן א'ער. ־ערהייט — אַדוו.

ווען מע האַט ניט באַווײַנט. באַגראָבן א'.

אומבאַוויינלעך — אַדי. נעאָל. וואָס איז ני
צו באַוויינען (וויפֿל מע זאָל ניט באַוויינען, ווען
אַלץ זײַן ניט גענוג). אַן א'ער אָנווער ־קייט.

.

אומבאַוויליקט — אַדי. ניט־באַפֿרידיקט. וואָס
מע האָט צו דעם ניט צוגעשטימט (מצד אַ
מאַכט). א'ע בקשה. ־ערהייט — אַדוו.

אומבאַוויסיק — אַדי. נעאָל. דזוו אומבאַ
וואוסטזיניק. „הגם א, האָט ער אָן ספֿק
געווירקט,„ מ. פּיעקאַזש, גק, No 49.

אומבאַווירצט — אַדי. וואָס מע האָט צו דע I
(אין דע) ניט אַרײַנגעטאָן קיין געווירצן. א,
פֿלייש פֿיג. א'ער מאָנאָלאָג, וויץ, סצענקע,

.

מעשׂה. ־ערהייט — אַדוו.

או'מבאַווי'רקט —־ אַדי. ניט־באַווירקט. א'ער
עקשן. א, פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע. א, פֿון די
אויסשטראַלונגען, דורכלײַכטונגען. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

.

אומבאַוועגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומבאַוועגיק. „אויף די א'ע פֿעלזן, וועט די...

געזעלשאַפֿט געבויט ווערן„, דער וואַרער ציל פֿון
אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901.
אומבאַוועגונג — די, ־ען. רו־שטאַנד, סטאַטיק.
דאָס בכּיוונדיקע ניט־באַוועגן זיך. „אַז אײַער
געצאַפּל דערפֿירט איר צו תּאווה און מײַן א,
פֿאַרשטייט איר ניט סײַווי“, הל, אַ בלאַט אויף
אַן עפּלבוים.
או'מבאַווע'גט — אַדי. 1. וואָס רירט זיך ניט
פֿון אָרט, וואָס איז אָן שום באַוועגונג. “איך
איינער שטיי גאָר א': איך שטיי אויף
קאַראַאול„, אַר, ,אויף קאַראַאול', 1896. „קאַלט
געוואָרן צוליב דעם לאַנגן און א'ן שטיין הינטער
[דער] טיר„, ווײַס, 'דער איבערגאַנג'. 2. וואָס
דריקט ניט אויס קיין געפֿיל. אַן א, פּנים.
„לאַנגע א'ע פּנימער“, ימ, 1930. 3. וואָס איז
ניט באַווירקט, ניט מושפּע געוואָרן. אַן א'ע
מאַסע, אַן א'ער עולם ־קייט.

.

אומבאַוועגיק — אַדי. נעאָל. ← דווו, ב1.
וואָס מע קען ניט באַוועגן. ־יקייט.
אומבאַוועגלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט
באַוועגן, רירן פֿון אָרט. א'ע געלענקען. א,
אייגנס, אייגנטום = קרקע, אַ שטיק לאַנד, אַ
בנין. „אַפֿילו שטיינער און ערד וואָס זײַנען

ממש א', האָבּן אין זיך אור און חיות פֿון אים, יתבּרך,,, תּניא, צט.

אומבּאַוועלדערט

2. אומבּאַוועגט, וואָס איז צײַטווײַליק אָן בּאַוועגונג. שטיין א'. ,,...שטייען אין די עקן גאַסן גאַנץ נאַקעט און גאַנץ א',,, אמד, איינע רײַזע אין אַפֿריקאַ, ווילנע 1873. ,,פֿאַרבּליבּן ליגן אויסגעצויגן...א, ווי געווען,,, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ,,איך בּין געשטאַנען אַ ווײַלע א'", ווײַס I , 'אָפּגעשטויסן'.

3. וואָס בּײַט זיך ניט, דריקט ניט אויס קיין געפֿיל. ,,דאָס געזיכט איז בּלאַס, שטיל, א',,, ווײַס, 'אַ וואַלד־מיידל'.

4. וואָס איז ניט־רירעוודיק, איז פֿויל. ,,מיר האָבּן טאַקע אַ העלפֿערין, אָבּער זי איז אַן א'ע און זי בּאַווײַזט קיין זאַך ניט,,, רייד.

5. אומטעטיק. אַן א'ע פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַראיין.

6. וואָס מע קען אויף דעם ניט ווירקן, ניט משפּיע זײַן. אַן א'ער פֿאַרעקשנטער יונג.

,

 קייט — ,,חוצדעם ווירקט דאָ אויך די א,

פֿון ס'רובֿ אַזוינע חולאָים“ פֿגעז, ווילנע 1931,

,

.No 18

אומבאַוועלדערט — אַדי. ניט־פֿאַרפֿלאַנצט
מיט וועלדער. וויסטע, א'ע שטחים. ־קייט.
אומבאַוועלטיקט — אַדי. אומבאַהערשט;
אומבאַזיגט. א'ע שבֿטים, רעבעלן. א, פֿון די
איבערלעבונגען, דער אינדאָקטרינירונג.
אומבאַוועסערט — אַדי. זזוו אומבאַוואַסערט.
־קייט.
אומבאַווערט.— אָדי. ניט־אָפּגעהיט,
ניטבאַשיצט. אומבאַשערט און א'. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומבאַזאָטלט — אַדי. וואָס האָט ניט אויף
זיך קיין זאָטל. א'ע פֿערד.
אומבאַזאַלצט, ־זאַלצן — אַדי. 1.
ניטבאַשאָטן מיט זאַלץ. אַן א'ע פֿעל.
2. וואוילינגעריש. וואָס איז אָן חן, אָן טעם.
אַן א'ע מויד. 3. וואָס מע האָט צו דעם ניט
צוגעגעבן עפּעס וואָס זאָל זײַן אינטערעסאַנט.
אַן א'ע רעדע. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומבאַזאָנען — אַדי. דטשמ. נר.
אומבאַטראַכט, אובאַזיניקט. ,,אַלס לעבעדיקן פּראָטעסט

קעגן די בּאַרבּאַריַי און רשעות פֿון אַן א,

פֿאָלק", מר I, נ"י 1910.

אומבּאַזאָרגט — אַדי. 1. וואָס איז אָן זאָרג. האָבּן אַן א, לעבּן. „אַלע...וועלן מסכּים זײַן...זײַ א'", איינע אַבּשילדערונג פֿאָן אַחאבֿ און פֿון זײַן פֿרוי איזבֿל, וואַרשע 1862. „ליבּע טאָכטער זײַ א'", דער גרינער דימאַנט, וואַרשע 1885. „איך זאָל קענען רואיק און א, תּורה לערנען,,, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לעI ות, סאַטמאַר תּרל„ב.

2. ניט־בּאַוואָרנט מיט מיטלען צו לעבּן. א'ע עלטער. „די אַלמנה, אָן געלטמיטלען, איז געבּליבּן א'". ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

אומבּאַזוילט — אַדי. וואָס מע האָט אויף דעם קיין זויל(ן) ניט אַרויפֿגעלייגט. א'ע שיך.

אומבּאַזוימט — אַדי. ניט־בּאַזוימט; ניט בּאַנייט מיט פֿאָדעם. א'ע ראַנדן פֿון די קליידער. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַזונגען — אַדי. ניט־בּאַזונגען. א'ע העלדישקייטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מבּאַזו'נט — אַדי. ניט־באַשײַנט פֿון דער
זון. „דאָ וואַקסט קיין זאַך ניט, ווײַל עס איז
א,“.
אומבאַזונען — אַדי. אַרכ. אומבאַטראַכט.
אומבאַזינט. „בלײַבּט ער בײַא דיא טבֿע אַז ער
נישט טוט אום בטראַכט אונ, אום ביזונן“, עח,
יז, 1. „ווער און ביזונן מיט וואַרטן אַרויש
פֿאָרט...“, משלי בלשון אַשכּנז פֿפֿדמ 1713.

,

אומבאַזיגבּאַר — אַדי. דטשמ. נר.
אומבאַזיגלעך ←. „דער באַוואוסטזיניקער
אַרבעטערקלאַס איז א'“, די גאַרבער און בערשטער
שטימע, מאָסקווע 2 1928, No. „דרײַ זאַכן בלײַבּן
א': די דײַטשע אַרמיי, דער ענגלישער אינדזל
און דער ייִדישער שמוגל (טייל גיבּן נאָך צו:
און דער אַמעריקאַנער דאָלאַר)“,
רינגעלבלוםאַרכיוו, 1941, בלומ. ־קייט.
או'מבּאַזי'גט — אַדי. ניט־באַזיגט. א'ע
פֿעסטונגען. א, לאַנד. „אָבער א, בלײַבּט זײַן
ווילנסקראַפֿט“, א פֿרומקין איבּז, ר. ראָקער, זעקס

▯

כאַראַקטערן..., נ„י 1929. „ניט דער גײַסט פֿון
א'ער מאַכט, נאָר די מאַכט פֿון א'ן גײַסט“, אַל,
,יהודה המ▯נבי'.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבּאַזיגלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט באַזיגן. „אַמאָל איז די שווערע ריטערישע קאַוואַלעריע געווען א'", מוו איבּז, וויפּער, געשיכטע פֿון מיטלעלטער, 1921. „חוץ דעם רופֿט ווייטיק אַרויס אַן א'ע שטרעבּונג פֿון קראַנקן צו ווערן זיך", פֿגעז, ווילנע 8 1940, No. ־קייט.

או'מבּאַזיי'ט — אַדי. ניט־בּאַזייט. אַן א, שטיק פֿעלד. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומבּאַזילבּערט — אַדי. ניט־איבּערגעצויגן מיט זילבּער. א'ע לעפֿל.

אומבּאַזינונג — די, ־ען. אומבּאַטראַכטקייט. "בּרעכט איַין די מויערן פֿון דער א, און קעמפֿט מיט מענער־מוט פֿאַר איַיער אַנטרינונג", י. בּאָוושאָווער, נש, נ,,י 1911.

או'מבּאַזי'נט — אַדי. אומבּאַטראַכט. א'ע פֿאָדערונגען ־קייט.

.

אומבּאַזיניקט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם טעם אָדער דעם שׂכל פֿון דער זאַך (דערשײַנונג). אַ גרויסע, אָבּער א'ע דערשײַנונג. „רייד...וועגן רויער, א'ער קראַפֿט",

אורי מונט, סאָוו היימלאַנד, מאָסקווע 1961,
2 .3 No. ניט־דורכגעטראַכט, אומבאַטראַכט.
א'ע טענות. א'ע האַנדלונג. 3. וואָס מע האָט
צו דעם ניט צוגעגעבן קיין זינען. א'ע
פֿאָדערונג. ־קייט.
אומבאַזינען — אַדי. נר. דזוו אומבאַזינט,
אומבאזונען. "ניט א, נאָכגעבן דער תּאווה",
קמ, 1866, No ll. „א'ע אָבער טוען גראַדע
פֿאַ▯רקערט", אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871.
או'מבאַזי'רט — אדי. ניט־באַזירט. וואָס שטיצט
זיך ניט אויף פֿאַקט אָדער ראַיה. א'ע
באַשולדיקונג. א'ע קלאַנגען. ־קייט.
אומבאַזעסן — אַדי. אָרכ. דזוו אומבאַזעצט.
„ווער איך איַיך וויסט מ[אַ]כן גלייַך אַז איין אום
בזעשׂן לנד, גלייַך אַז לנד סדום", סהמ, ירמיה,
נו/ב.

אומבאַטעמטס

או'מבאַזעצ'ט — אַדי. ניט־פֿאַרנומען.
וואַקאַנט. א'ע שטחים. א'ע פּאָסטנס. „קלאַפּן אין
די טירן...מיט אַ בקשה זיי אָפּטרעטן אַ שטיקל
א'ע מדינה?", אַלגעמיינער אידישער אַרבייַטער
בונד, פּועלי־ציוניזס, זשענעוו 1905. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

אומבאַהנט — [...כיי'נט] אַדי. וואָס האָט ניט
קיין חן. אַן א, פּנים. רעדן א'. ־קייט.
אומבאַהשבונט — [...כעזשבנט] אַדי.
אומבאַרעכנט (←.). דערוויַל איַנצאָלן א'.
או'מבאַטאָ'גט — אַדי. וואָס האָט געלעבט
אַ קורצע ציַט. „געשטאָרבן א, און
אומבאַיאָרנט‟, רייד.
או'מבאַטאָ'נט — אַדי. 1. וואָס ווערט ניט
אַרויסגעהויבן, וואָס איז אָן באַטאָנונג. א'ע
רייד. 2. וואָס האָט ניט אויף זיך דעם אַקצענט.
„דערציילט...וועגן דעם שטאַרקן דרוקאַקצענט
פֿון דעם לאָדזשער אידיאָם און רעדט וועגן דעם,
אַז די א'ע טראַפֿן זענען דעריבער ס'רובֿ
אומדיַטלעך„, ימ, ייִפֿאַ, 10. „דאָ רעדט זיך נאָר
וועגן וואָקאַלן אין הויפּטטאָניקע טראַפֿן; אין
ביַטאָניקע און א'ע גילטן אַנדערע
געזעציקייטן‟, מוו, ייִשפּ XX, 3. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומבאַטיטלט — אַדי. וואָס האָט ניט (
באַקומען) קיין טיטל. א'ע ר פּשוטער מיטגליד. אַן
א, ליד.
אומבאַטיַטיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
באַטיַט אָדער האָט זייער אַ קליינעם ווערט.

„די אָנווערן פֿון די ייִדן קען מען ניט אָנרופֿן א'“, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. ־יקייט.
אומבּאַטײַטנדיק — אַדי. דזוו אומבּאַטײַטיק.
„כּדי צו פֿאַרגרעסערן אַ בּילד וואָס איז אין עצם קליין און א'“, יג, תּוך.
אומבּאַטייליקט — אַדי. 1. וואָס נעמט ניט קיין אָנטייל. 2. ניט־פֿאַראינטערעסירט. „ פֿעלקער און שבֿטים וועמען מיד קענען ווי א'ע אָדער נייטראַליסטן“, א. קריטשמאַר־יזרעאלי, טמז, IX 1961 30. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבּאַטליתט — [...טאַלעס] אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ טלית, האָט ניט אויף זיך קיין טלית. א'ער מנין ייִדן.
אומבּאַטעמט — [...טאַ'מ] אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין (גוטן) טעם. א'ע מאכלים; א'ע רייד. „ער האָט געטאָן אַ שלוקערץ און ס'האָט אים אַרויפֿגעשלאָגן אַן א, וואַסער“, בּאַש פֿאָר, 1961 — ,
.I 1
2. וואָס איז ניט גענוג מאָטיווירט, וואָס איז אייבּערפֿלאַכיק. „דאָס ייִדישע דענקען איז געוואָדן פּונקט אַזוי א„ ווי דאָס דענקען פֿון אונדזער צײַט בּכלל„, קאָר II.

3. וואָס איז אָן חן. עפּעס אַן א'ע פֿרוי. שפּילן א'.

4. שלעכט, עקלדיק. ‟רבותי, ווער קאַן אלי מעשׂים דר שרײַבּן וואשׂ דאשׂ און בּיטעמתּ [= אומבּאַטעמט] פֿאָלק טעט טרײַבּן“, 'קינות אויף כמעלניצקיס גזרות'. ־קייט.

אומבּאַטעמטס — דאָס. מצ נבּ. מאכל וואָס האָט ניט קיין (גוטן) טעם. „ווערט א, געגעסן אָן זאַלץ? צי איז דאָ אַ טעם אין זאַפּט פֿון לטיי?“, תּי, איובֿ, ו, 6.

אומבּאַטראָגן

א אַטראָגן — אַדי. אַרכ. ניט..אָפּגעגאַרס, ניט־בּאַשווינדלט. ‟ער ווער דען פּרעגר חכם גנוגן, ער זאַל ניט דר פֿון קומן און בּטרוגן“, אַשכּנז [= ניטאָ קיין חכם וועמען די אײַנוואוינערס פֿון פּראָג זאָלן ניט קענען אַרײַננאַרן].

אומבּאַטראָטן — אַדי. וואָס מען איז אויף (אין) דעם ניט געטראָטן. א'ענער אורוואַלד. א' ענע ווילדע רחבֿותן. „אויף שטעגלעך א, ווילדע אַ ווײַטער האָרן שאַלט און רופּט“, א. לוריא, איק, I 1965 1. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבּאַטראַכט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט

(גענוג) וועגן דעם געטראַכט. א'ע רייד; א'ע
מעשׂים. „דאַרום זאַל זיך דער מענש בהעפּטן אַן
די (מדה) פּון זיטיקייט אזוא בלייַבט ער בייַא
דיא טבֿע אַז ער נישט טוט אום בטראַכט„, עח,
יז, 1. „אונ אַז ער טוט נישט אום בטראַכט...זאָל
ער ניט איילן יענם צוא ענטפּערן נאָר ער מוז
זיך שטאַרק בטראַכטין אונ בזינען מיט זייַן
שׂכל„, עפּש, עץ חייס קיצור של„ה, [לבֿובֿ?
יאָר?].

2. וואָס האָט זיך ניט באַטראַכט. דער א'ער
יונגערמאַן.

3. אומבאַמערקט. „עס רוקט זיך די צייַט,
דאַכט זיך, גאָר א', מע האָט מיך מיט מזל אין
חדר געבראַכט„, מר I, נ„י 1908.

־ערהייט — אַדוו. טאָן עפּעס א'. ־קייט
— אַ נאַרישקייט, אַן א'. „אין דעם שטעקט
סתּירה און א,...„, ים, ייִשפּ XIX, 1.

אומבאַטראַכטבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
מאַרק ווב. ? . דוווו.

אומבאַטראַכטיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) ניט באַטראַכטן. קאָמפּליצירטע א'ע
סיטואַציע.

אומבאַטראַכטנדיק — אַדוו. ניט־
באַטראַכטנדיק. פּטמ. „ער איז אונטערגעוואַקסן און די

קליידער זײַנען קורץ געוואָרן, האָט ער ווײַטער געטאַדלט די קליידער, א, דעם חסרון“, ר, יעקבֿ מדובנא, משלי חכמה, תּר“ן.

אומבאַטרויערט — אַדי. וואָס אויף דעם האָט מען ניט געטרויערט. אַן א'ער טויט. ־קייט.

אומבאַטריבט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין צער. „און עס דאַכט זיך: האָסט פֿאַרנומען ווי אַן עכאָ, א'“, אַר, 'פֿון היימישן ברונעם'. ־קייט.

אומבאַטריגלעך — אַדי. אַרכ, איצט דטשמ. וואָס איז אָן פֿאַלשקייט, ערלעך. „זיא ווערן גאַנץ אונ, אונביטרויגליך מיט אים“, יוסיפֿון, אַמשט 1 16.

אומבאַטרעפֿיק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס האָט גאָר אַ קליינעם ווערט, האָט ניט קיין באַטרעף (באַטראַף). א'ע צאָלן. א'ער גרײַז. ־(י)קייט.

אומבאַיאָרנט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין סך יאָרן. פֿרגל ~באַטאָגט. ־קייט.

-

אומבאַישובט — [...יישוו] אַדי.
אומבאַטראַכט. א'ע מעשׂים. טאָן אַ נאַרישקייט א'.

־קייט.
אומבּאַכּישופֿט — אַדי. וואָס כּישוף האָט אויף דעם ניט געווירקט. דער איינציקער א'ער.
־ערהייט — אַדוו.

530

אומבּאַלאַגערט — אַדי. נימ.בּאַלאַגערט. א'ע שטעט. „אומעטום שטופּט זיך אַן עולם,
אומעטום — אַ ריי, נאָר מײַן קראָם בּלײַבּט א,“,
רייד. ־קייט.
אומבּאַלאָדן — אַדי. וואָס אויף דעם איז ניט אַרויפֿגעלייגט קיין משׂא. אַ קאַראַוואַן פֿון בּאַלאָדענע און א'ענע קעמלען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבּאַלאַנס — דער, ־ן. דאָס פֿעלן פֿון אַ בּאַלאַנס. א, צווישן בּאַמיאונגען און דערגרייכונגען. „אַן א, צווישן דעם גרויסן עקספּערימענטאַטאָר און זוכער און צווישן דעם געפֿינער„, יג, טמז, 1957 I ▯י 7.
אומבּאַלאַנסירט — אַדי. 1. פּאַר אומבּאַלאַנסירן ←. 2. ניט־בּאַלאַנסירט (וואו די הוצאה איז גרעסער ווי די הכנסה). א'ער בּודזשעט.
־קייט.

אומבאַלאַנסירן — טרוו. ־סיר אום, ~
באַלאַנסירט. 1. צעשטערן דעם באַלאַנס. א, די
כּוחות. א, דעם גאַנצן חשבון. 2. (פּרוּוון)
באַלאַנסירן פֿונדאַמענט. 3. זשאָנגלירן.
אומבאַלאַקען — אוטון. ־קע אום, ~
געבאַלאַקעט. אַ לענגערע צײַט פּלאַפּלען, שמועסן
סתּם אַזוי. א אַ גאַנצן אָוונט וועגן פּוסטע

,

זאַכן ־עניש.

.

אומבאַלויכטן — אַדי. ניט־באַלויכטן. א'ענע
גאַסן. אַן א'ענער ענין. „א', קוים איין לאָמפּ,
האַלב אַראָפּגעדרייט, אָנגעצונדן אין דער
גאַנצער שול„, ש. ערדבערג, טמז, 1964 II ו 17.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַלוינבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.
← אומבאַלויניק.
א אַלוינט — אַדי. וואָס בלײַבט אָן
באַלוינונג. א'ע אַרבעט. „א'ע מי„, מר II, נ„י 1908.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַלויניק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען פֿאַר דעם ניט באַלוינען, באַצאָלן. א'ע
דינסט פֿאַרן פֿאָלק. א'ע מעשׂים, אויפֿטוען.
־(י)קייט.

א אַלומפּערט — אַדי. פֿטמ. דזוו אומגעלומפּערט ←.
אומבאָלטײַען — אוטוו. ־טײַע אום, ~ געבאָלטײַעט. סל. פּלאַפּלען, פּלוידערן אַ לענגערע צײַט.
או'מבאַלי'בט — אַדי. 1. ניט־געליבט. „און גאָט האָט געזען אַז לאה איז א'„, תּי, בּראשית, כט, 31. 2. ניט־חשובֿ, ניט־אָנגעזען, ניט־אָנגענומען. אַן א'ע . פּרנס. 3. פֿטמ. וואָס איז ניט אָנגענעם. אַן א'ע באַגעגעניש.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „...קום אַרײַן אין גאָרטן, און איך פֿאַרזיכער דיר, דאָס דו וועסט דערפֿון קיינע א, האָבן„, ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
אומבאַלײַבט — אַדי. ניט־דיק, ניט־פֿעט. א, כמעט ווי די זיבן מאָגערע קי. ־קייט.
אומבאַליידיקט — אַדי. ניט־באַליידיקט. נאָך אַלע באַליידיקונגען זיך פֿילן א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומבאַלייט — אַדי. פֿטמ. דזוו אומבאַגלייט ←.

אומבאַמאַליעוועט

אומבאַליכטיקט — אַדי. וואָס האָט ניט אויף (אין) זיך קיין ליכט, קיין שײַן. „דער

מאַלפּעמענטש גייט אַהין פֿונוואַנען ער איז געקו,
מען, גייט צוריק צו דער חשכות אַן א'ער,,,
לע, טמז, 9 1960 III.
אומבאַלעבאַטיש — אַדי. אויך: ~
בעליבתיש. ניט ווי עס פּאַסט, ווי מע קען זיך ריכטן פֿון אַ בעל־הבית. פֿירן אַ הויז א'.
־קייט.
~געבאָ□באַטעוו — אוטוו ־□וו□:□.
עען .
אומבאַל אום,
עבאַטעוועט. אויך: ~בע
יוועט. 1. (אַ לענגערע צײַט) פֿירן שלעכט דיווירטשאַפֿט, די בעלי־בתּישקייט. א אַזוי אַז מע
,

-

זאָל קומען צו בעטלברויט.
2. זיך פֿירן (מיט אומרעכט) ווי אַ בעלהבית; געבן אָנווײַזונגען, באַפֿעלן. ,,וואָס באַלעבאַטעוועט ער אום איבער אונדז? ווער האָט אים געמאַכט פֿאַרן בעל־דעה?,,, רייד.
3. זײַן ווילד, קאָמאַנדעווען (וועגן קינדער,

יוגנטלעכע). א, און שטעלן קאַפּויער די גאַנצע שטוב.

אומבאַלעבאָטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~געבאַלעבאָטשעט. דזוו אומבאַלאַקען.

או'מבאַלע'בט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט אין זיך קיין לעבן. א'ע זאַכן. „די נעמען פֿון די א'ע זאַכן ווערן געבייגט פּונקט ווי די נעמען פֿון די באַלעבטע זאַכן, נאָר דער צווייטער פֿאַל [פּאָסעסיוו] פֿעלט בײַ זיי און ווערט פֿאַרביטן דורך דעם דריטן פֿאַל [דאַטיוו] מיט...פֿון,,, ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. „עס איז אַמאָל געווען א צײַט, ווען פֿון א'ער מאַטעריע פֿון אַ דומם, -
'
איז אַנטשטאַנען לעבן,,, דער נײַער גײַסט, נ"י 1898, יאָרגאַנג 10 1, No. „מ'האָט געדענקט, אַז [די פּראָטאָזאָנען] זײַנען צופֿעליקע ברעקלעך לעבן, וועלכע אַנטשטייען פֿון א'ן שטאָף, און קערן זיו צוריק צו א'ן צושטאַנד", ש. בלום, דער בויס פֿון לעבן.

2. וואָס איז ניט געוואָרן ווידער לעבעדיק. „דאָס גייט אויף די מתים, וואָס דער זעלבער נבֿיא האָט באַלעבט, דאָס דער מלווה איז געבליבן א',,, צבֿי ניסן גאָלאָמב, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906 ־קייט.

·

אומבאַלעווען זיך — אוטוו. ־לעווע זיך אום, זיך ~געבאַלעוועט. אַ לענגערע צײַט זיך באַלעווען. זיך פֿאַרציִען, זיך פּיעשטשען. אַרומשפּילן זיך. גיין ליידיק און א, זיך.

אומבאַלעזן — אַדי. וואָס האָט ווייניק געלייענט. א'ענע סטודענטן. ־קייט.

אומבאַלעמוטשען

— אַקוזוו. ־טש ישען.

אום,

~געבאַלעמוטשעט. פּפֿ: ~בעל

עמע

אַוועקפּטרן אומזיסט אַ סך צײַט. א, שעהן בײַ אַ קלייניקייט. ־עניש.

אומבאַלעסטיקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט מטריח געווען; וואָס פֿילט זיך ניט באַלעסטיקט. א'ע פֿרײַנד.

או'מבאַמאָ'לט — אַדי. וואָס מע האָט אויף דעם ניט געמאַכט קיין געמעל. ווײַסע, א'ע ווענט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבאַמאַליעוועט — אַדי. ניט־באַמאַליעוועט. ניט־באפֿארבט. א'ע ליאַלקעס ־קייט.

— —

·

או'מבאַמאַ'נט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין מאַן, וואָס האָט ניט חתונה געהאַט. אָפּט סובֿ. אַן א'ע בֿיזן גרויען צאָפּ. 2. וואָס האָט ניט געהאַט קיין סעקסועלן פֿאַרקער מיט אַ מאַן (גראָבֿלעך).

אומבֿאָמבֿאַסטיש ־־ אַדי. ניט־בֿאָמבֿאַסטיש, ניט־אויפֿגעבֿלאָזן און גוזמאדיק־שרײַאיק. „ אומקליגערישע, א'ע, נאָר פּשוט אַרויסגערעדטע רייד„„ יג, תּוך. ־קייט.

אומבֿאָמבֿלען זיך — אוטוו. ־בֿל זיך אום, זיך ~געבֿאָמבֿלט. אַ לענגערע צײַט זיך בֿאָמבֿלען, זיך וואַרפֿן, זיך טרייסלען. „די צוויי צעפּעלעך בֿאָמבֿלען זיך אום בֿעתן גיין“. „עס בֿאָמבֿלען זיך אום פֿון אַלע זײַטן עפּעס חלקימלעך מענדעלע“, ממוס, פֿישקע. ־עניש.

אומבֿאַמיטלט — אַדי. וואָס האָט ניט (גענוג) לעבֿנסמיטלען; אָרעם. דער א'ער קען זיך קיין עצה ניט געבֿן. „די לערער פֿון דער שולע אין זייער אָרעמען צושטאַנד,...א'“, קמ, 1867, No 16. „קומענדיק פֿון א'ע עלטערן, איז ער [לינקאָלן] געוואָרן נענטער צו די גערדיקטע„„ מך י, ב"י 1910. „זיי קענען אַרײַננעמען אין די

קעמפּס אַ סך א'ע קינדער„, אַ. אַלפּערין, טמז,
24 ▯ 1962 III. ־קייט.
אומבּאַמיסטיקט — אַדי. ניט־בּאַמיסטיקט.
א'ע פֿעלדער ־ערהייט — אַדוו.
.
אומבּאַמעבּלט — אַדי. דזוו אוממעבּלירט ←.
א'ע צימערן.
אומבּאַמערקבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומבּאַמערקלעך ←. „יעדע זאַך גייט דורך אין
איר פּראָגרעס פֿון דעם א'ן צו דעם
בּאַמערקבּאַרן„, מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע
פּרינציפּן. ־קייט.
אומבּאַמערקט — אַדי. וואָס מע בּאַמערקט
ניט; וואָס מע האָט ניט בּאַמערקט. אַרײַן אָדער
אַרויס א'. „שלימזל קריכט אַרײַן א'„. עס קומט
פֿון זיך א'. „איינס פֿון די קליינע,
אומגליקלעכע קינדערלעך, אַ שלאַפּס, אַ בּלייכס, איז
שטיל,
א, צוגעקומען“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. „דער ראָסט...
וואָס א, אַטאָמענווײַז זיך קלײַבּט און מערט„,
יהואָש, ,דאָס מעכטיקסטע'.
אומבּאַמערקטערהייט — אַדוו. ווען מע האָט
ניט בּאַמערקט; אין מצבֿ פֿון זײַן אומבּאַמערקט.
„די צײַט מאַכט קליינע שריט...און טרעט אַרײַן

פֿון איין יאָר אין דעם אַנדערן גאָר א',,, אמד, וויגדערקע דער שטראז אינגעל, ווילנע 1872.
,,די וואַרעמקייט פֿון סוף־זומער האָט א, אויפֿגעזאָטן די פֿאַרנעפּלט־זוניקע ערבֿ־האַרבסטיקע טריבע טעג,,, פּמ, דור־אויס דקר־איַן. ,,זאָגט מיר דער טאַטע, וויַזנדיק א, אויף דעם תּלמיד הנ,,ל,,, לדבֿ, קכ״ד.
אומבאַמערקלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט באַמערקן. א'ע פּרטים, אויפֿטוען. ,,וויפֿל קינדער טראָגן א ן זיך די נגע [דעם טובערקולאָז] אין אַן א'ער פֿאָרעם“, [פֿון אַן אויפֿרוף, ווילנער אַנטי־טובערקולאָז־געזעלשאַפֿט]. ,,געוואָרן אַן א'ע אָדער פֿאַרבאָרגענע טעטיקייט“, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. ,,
ביסלעכוויַז זאַפּט מען איַן אין זיך א, שטריכן פֿון דער היגער אַנדערשקייט,,, לל, איק, 1962 X 19.
־קייט.

אומבאַמקען — ־קע אום, ~געבאַמקעט. פּפֿ:
~באָמקען. אוטוו — אַ לענגערע ציַט אַרויסברענגען די קלאַנגען באַם־באַם (אָדער ענלעכע).
טרוו — אויסזינגען אָן ווערטער, נאָר מיט

קלאַנגען באַם־באַם (אָדער ענלעכע). זיצן
פֿאַרמוחט בײַ אַ ספֿר און א אַ ניגונדל. ־עניש.

,
או'מבאַנאַ'ל — אַדי. היפּוך פֿון באַנאַל. א'ע
רייד. פֿרישער, א'ער באַריכט. ־קייט.
אומבאַנאַנט — אַדי. אַרכ. וואָס איז אָן אַ
נאָמען. וואָס זײַן נאָמען איז ניט דערמאָנט.
דער אורח פֿאַרטײַטשט 'אַלמני, (רות, ד, 1):
,,אונבענאַנטער,, (בן־בלי־שם). [תּי: ,,דער און
דער]].
אומבאַנדאַזשירט — אַדי. 1. ניט־
באַנדאַזשירט. נאָך אַ וואונד איז פֿאַרבליבן א'. 2. פּאַר
אומבאַנדאַזשירן. ← דווון. א, ווי גרויס מען
איז. ־ערהייט — אַדוו.
אומבאַנדאַזשירן— טרוו. ־זשיר אום, ~
באַנדאַזשירט. 1. אַרומבאַנדאַזשירן, אַרומוויקלען
מיט אַ באַנדאַזש. א, דעם גאַנצן קאָפּ. 2.
איבערבאַנדאַזשירן; פֿונדאָסנײַ, בעסער
פֿאַרבאַנדאַזשירן. אַראָפּנעמען דעם אַלטן באַנדאַזש און
א, ן' וואונד.
אומבאַנוגנט — אַדי. אומבאַפֿרידיקט; וואָס
רופֿט ניט אַרויס דאָס געפֿיל אַז עס איז גענוג.
,,אָ, היט דעם אויפֿפֿלאַם פֿון דער יוגנט פֿאַר
וויסטע נעכט און טעג, ווען אומבאַהאָלפֿן, א,

פֿאַרבלײַבט מען שטיין אין וועג“, אַל II, 'דאָס ליד פֿון די שניטערינס'. ־קייט.

אומבאַנומען — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, באַנומען. אַ קאָמפּליצירטע, א'ע פֿאָרמל. ,,כאָטש דאָס לשון פֿון דער נאַכט איז בלינד און א,“, מבא, דער גייער. ־קייט — ,,פּסוקים אָנגעהאַנגען אָן דער א, פֿון דײַן סודותדיקן ווילן,,, דאָרטן.

אומבאַנוץ — דער. מצ נבֿ. מצבֿ פֿון ניטבאַנוצן, פֿון ניט ווערן באַנוצט. די זאַכן זײַנען (בלײַבן) אין א'. ־ונג.

אומבאַנוצט — אַדי. וואָס איז (ווערט) ביז איצט ניט באַנוצט. גוטע, אָבער א'ע מכשירים. ,,מאַכט די וועלט פֿאַר אַ פּוסטע חורבֿה...און די ביימער פֿאַר א'ע תּליות“, ווינטש I, נ,,י 1920. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבאַנוציק — אַדי. וואָס מע קען ניט מער (באַ)נוצן. א'ע מכשירים, קליידער. פֿאַרעלטערטע, א'ע ביכער.

או'מבאַניי'ט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט אַרומגענייט, ניט צוגענייט צו דעם. ◊ נעם די בלוזקע וואָס איז באַנייט מיט שפּיצן. — מיר געפֿעלט בעסער די א'ע,,, רייד. 2. וואָס מע האָט ניט פֿאַרזאָרגט מיט גע

— ט

נוג מלבּושים. אַן
א'ע און אומבּאַקליידטע כלה. ־ערהיי
אַדוו.
או'מבּאַנײַ'ט — אַדי. 1. וואָס מע האָט עס
ווידער (ווײַטער) ניט געטאָן. א'ע אַבּאָנעמענטן.
א'ע בּאַמיאונגען. 2. ניט־אָפּגעפֿרישט, ניט
געמאַכט עס זאָל אויסזען נײַ. אַן אָרעמע שטוב,
א, אויף יום־טובֿ. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומבּאַניץ — דער. מצ נבּ. ← אומבּאַנוץ.
אומבּאַניצט — אַדי. וואָס איז (ווערט) בּיז
איצט ניט בּאַניצט. די פּסחדיקע, דערווײַל א'ע

אומבּאַפֿאַלן

כלים. ־ערהייט — אַדוו. אָפּגעבּן צוריק אין
קראָם די כלים א'. ־קייט.
אומבּאַניצלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט בּאַניצן. די כלים זײַנען
געשפּאָלטענע, זיי זײַנען בּראַק און א'. ־קייט.
אומבּאַנעמבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומבּאַנעמיק, אומבּאַנעמלעך ־קייט — „געחוזקט

.

האָבן זיי פֿון מיר די פֿעלקער־האַרן, און האָבן
פֿון דײַן שטראַלנדיקער א, געשפּאַסט,,, א.
ניסענזאָן, אין צדיק🗌 טריט.
אומבאַנעמיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט
באַנעמען, תּופּס זײַן. ,,א'ע, טיפֿע און צו
פֿאַרפֿלאָנטערטע געדאַנקען,,, ימ. ־יקייט.
אומבאַנעמלעך — אַדי. נעאַל, ססוטש. ←
דפֿוו. אומפֿאַרשטענדלעך, אומבאַגרײַפֿלעך. א'ע
געשעעניש. ־קייט.
או'מבאַנע'צט — אַדי. ־]. ניט־געמ— 2. וואָס
אַכט (
געוואָרן) נאַס פֿון רעגן א'ע מלבּושים.
.
מע האָט דערבײַ ניט געטרונקען. אַן א'ע שׂמחה.
אַן א'ער תּקיעת־כּף. 3. אומגעטויפֿט. ,,קען
אַפֿילו אַ געטויפֿטער ייִד ניט, אַ פּשיטא שוין אַ
כּשרער א'ער אַלטער ייִד,,, ווינטש I, נ"י 1920.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַסמאַרקעט — אַדי. ניט־פֿאַרשמוצט
(מיט ראָץ). גיין אין א'ע קליידער. אויך:
ניטפּראָסט, ניט־גראָבּיונגעריש. אָרעם, אָבער א'.
אומבאָסעווען — אוטוו. ־סעווע אום, ~
געבאָסעוועט. אַמ. :to boss 🗌. >. דזוו
אומבאַלעבאַטעווען ←, בּ2.

אומבּאַעוולט — [...אַוולע] אַדי. ניט־בּאַעוולט.
א, בּײַם פֿאַרטיילן די ירושה. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומבּאַענטפֿערט — אַדי. וואָס איז געבליבּן
אָן אַן ענטפֿער. א'ע קלאָץ־קשיות ־קייט.
.
אומבּאַערדיקט — אַדי. ניט־בּאַגראָבּן נאָכן
טויט. מתים ליגן אין די גאַסן א'.
א ' מבּאַע'רט — אַדי. וואָס מע האָט דעם ניט
אָפּגעגעבּן קיין כּבֿוד. א'ע העלדן. ־קייט.
א אַפּאַנצערט — אַדי. ניט־בּאַפּאַנצערט.
א'ער אויטאָמאָבּיל. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.
או'מבּאַפּו'כט — אַדי. 1. ניט־בּאַדעקט מיט
פּוך. כּמעט א'ע פֿייגעלעך, ערשט אַרויס פֿון
אייעלעך. 2. וואָס האָט נאָך ניט די ערשטע
דינע הערעלעך אויפֿן פּנים. אַ ייִנגל, נאָך א'.
או'מבּאַפּו'צט — אַדי. 1. ניט־בּאַפּוצט. דער
א'ער זאַל. 2. וואָס איז אָן גוזמא. ←
אומבּאַרופֿן, בּ3. „דערציילט...דעם פֿולן א'ן אמת“, לע,
טמז, 1962 27. ־ערהייט — אַדוו.
דערציילן א'. אַרויסגיין אין גאַס א'. ־קייט.
אומבּאַפּליעסקעט — אַדי. 1. אומבּאַגאָסן,
אומבּאַשפּריצט. 2. (שפּאַסיק) וואָס מע האָט

דעם ניט געפּאַטשט בראַוואָ. א'ע אַקטיאָרן.

אומבאַפאַלן — אדי. 1. פאַר אומבאַפאַלן ←.

2. ניט־באַפאַלן. דורכגיין דעם וואַלד א, פון קיינעם.

אומבאַפאַלן — טרוו. באַפאַל אום, ~באַפאַלן.

1. אָנגרײַפן, אַטאַקירן אַ לענגערע צײַט אָדער פון פאַרשיידענע זײַטן. מען איז אונדז א, פון

-

אומבאַ◌אַדבט

יבשה און פון ים. 2. אַרומרינגלען און צושטיין, מאָנען. „זיי באַפאַלן מיך אום ווי די היישעריקן: גיב און גיב„, רייד.

◌ ◌

אומבאַסאַרבט, ־סאָרבן — אַדי. ניט־באַפאָרבן. א'ענע בענקלעך. א'ע געשיכטעס.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט — די א, פון דעם פשוטן דערציילן.

אומבאַפוילן — אדי. וואָס ווערט געטאָן אָן אַ באַפעל; אָן אַ פאַראָרדענונג, אויף אייגענער האַנט. א אַרעסטירן דעמאָנסטראַנטן ־ער—

׳ .
הייט — אַדוו.
אומבאַפֿולמעכטיקט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט באַמעכטיקט עפּעס צו טאָן, צו פֿאַרטרעטן.
א'ע קהלסלײַט.
אומבאַפֿלאַנצט — אַדי. ניט־באַפֿלאַנצט.
צעאַקערטע, אָבער נאָך א'ע שטחים ־ערהייט

.

— אַדוו קייט.

.

אומבאַפֿלאַסטערט — אַדי. ניט־באַדעקט מיט
פֿלאַסטער. א'ע גאַסן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומבאַפֿליגלט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין
פֿליגלען. א'ע באַשעפֿענישן.
2. וואָס האָט ניט קיין ברייטן פֿאַרנעם, קיין
ווײַטן אויסקוק. אַן א'ע פּראָגראַם. 3. וואָס
איז ניט דערהויבן. „זען וואו עס איז די
באַפֿליגלטע דיכטונג און וואו — די א'ע פּראָזע“,
י. ראַפּאָפּאָרט, צוק, 1963, 1 ־קייט.

.

אומבאַפֿלעקט — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ
פֿלעק, אינגאַנצן ריין. „גראָד איז ער געלעגן
מיטן קאָפּ אויף אַ ווײַס, א, קישן,„ ווײַס, ,ווי

דער גורל פֿירט'.

2. וואָס איז אָן אַ שולד, חטא. אַרויסקומען פֿון פּראָצעס א'. ,,זײַן נשמה, א, פֿון עבֿירות און פֿעלער פֿרײַ זײַן זאָל,,, ר, הילל ליכטנ,

שטיין, עת לע׿tות, סאַטמאַר תּרל"ב. ,,גליקלעך איז דער מענטש וואָס וועט קומען א, אויף די אייבּיקע וועלט", פּלאי, המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ,,ב. ׿א'ע הענט = וואָס האָבּן ניט גענומען קיין פֿרעמדס, ניט פֿאַרגאָסן קיין בּלוט.

3. וואָס האָט אַ פֿולקום ריינע רעפּוטאַציע, אַ שם אָן אַ פֿלעק. ,,א'ער אַרבּעטער אָרגאַן, צונג -

פֿון וואַרהייט און פֿון רעכט", מר II, ג,,י 1908. ,,איך בּין געווען יונג, רײַך פֿרײַ מיט אַ נאָבּעלן

,

א'ן נאָמען", די דראַמע פֿאָן פּאַריז, [איבּז], בּוקאַרעשט [יאָר?].

4. וואָס איז געבּליבּן מיט איר אומשולד. ,,זי ווערט זיך קעגן זײַן פֿיזישער בּאַרירונג כּדי צו בּלײַבּן די א'ע משיח־כּלה", בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער. ,,מיליאָנען פֿרויען בּעטן הייס צו איר און קניִען פֿון אירע א'ע

'
זינד געפֿאַנגענע", אַל III, 'די מאַדאָנע'.
־קייט — „ווער איז מקריבֿ זײַן אייגענע
גערעכטיקייט און א',,, בֿ. ריווקין, ה. לייוויק...

□

אומבאַסעאיקט — אַדי. וואָס איז ניט
באַשאָנקען מיט קיין פֿעאיקייט(ן). „איר לאָזט
אײַך פֿון אַזאַ אַ קליין אומגעבֿילדעט, א, פֿאָלק
פּײַניקן, דערנידעריקן?", יהל, די קאָלאָניסטן II,
וואַרשע 1899.

□

א אַסעדערט — אַדי. וואָס האָט ניט אויף
זיך קיין פֿעדערן. א'ע שוועלבֿעלעך, נאָר וואָס
פֿון איי. ־קייט.

-

אומבּאַסעטסט — אַדי. וואָס איז ניט
באַשמירט געוואָרן מיט פֿעטס א'ע קאַרטאָפֿל.
־ערהייט — אַדוו.
אומבּאַפֿעלקערט — אַדי. וואָס האָט גאָתיט
(אָדער ווייניק) איַינוואוינערס. א'ע געגנטן.
,,מעגן זיי...א'ע ערד קויפֿן, פֿאַרקויפֿן...“, קמ,
5 No '1870. —קייט.

אומבּאַסעסטיקט — אַדי. ניט־באַפֿעסטיקט.
א'ע פּאָזיציעס. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומבּאַסעסערט — אַדי. ניט־באַשאָטן מיט
פֿעפֿער. א'ע פֿיש פֿיג. אַ מויד, אומבּאַזאַלצט
.
און א'. אַן א'ער אַרטיקל. פֿרגל ~געפֿעפֿערט.
או'מבּאַפֿרו'כט — אַדי. דזוו דוווו. אויך:
א'עט, נר. ,,פֿלאַנצן, וועלכע האָבן ניט געהאַט
קיין שיינע בלומען־בלעטער און ניט

פּראָדוצירט קיין אַראָמאַט פּלעגן טאַקע בלייַבן א'“,

,

א. ש. זאַקט, דאָט לעבן פּון פּלאַנצן.

־ערהייט — אַדוו. „די אייער אַנטוויקלען

זיך א„ און פּון זיי בריִען זיך אויס יונגע

לאַרוועןָ„„ ש. בלום, דער בוים פּון לעבן. ־קייט.

אומבאַסרוכפּערט — אַדי. ניט־באַפּרוכפּערט.

אַן א, אייעלע. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומבאַסרידיקט — אַדי. וואָס איז ניט

באַפּרידיקט, ניט־געזעטיקט. א'ע פּאַרלאַנגען,

נאַטורן. „מײַן האַרץ וואַר דערבײַ נאָך אַלץ א',

ווײַל איך האָב זיך געמוזט צײַגן דאָס איך קיין

ייִד יך“, אמד, טויט שרעקענעס כּײַ דעם

ערשטן סדר, [קעניגסבערג? יאָר].

־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „אַלע

פּערזענלעכע און ניט־פּערזענלעכע א'ן„„ לע, טאָג,

□

אומבאַסרידיקנדיק — אַדי. וואָס שטעלט
ניט צופֿרידן. געבן אַן א'ן ענטפֿער. ← דוווו.

□

אומבאַסרידנדיק — אַדי. וואָס איז ניט־געננוג,
איז ווייניקער ווי מע האָט זיך געריכט. ‟דער
א'ער רעזולטאַט‟, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.
־יקייט.

או'מבאַפֿריי□נדט — אַדי. אויך: ~
באַפֿריין־־ --

דעט, דטשמ. וואָס מע האָט מיט דעם ניט
געשאַפֿן קיין פֿרײַנדלעכע באַציאונגען. אַן א'ער
אימיגראַנט.

או'מבאַפֿריי'שט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
אויסגעבעסערט, ס'זאָל ניט אויסזען אָפּגעלאָזן,
פֿאַרעלטערט. אָפּגעשאָסענע א'ע ווענט. א'ע
זעמל. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבאַצאָלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומבאַצאָליק ־קייט.

.

או'מבּאַצאָ'לט — אַדי. 1. אומזיסט, וואָס איז אָן געצאָלט. א'ע קעסט. „און אַז דו ווילסט, טאַטע, וועסטו קענען רײַטן אויף אַ פֿערדל אויך א',„ ווײַט, „אַ טאַטע מיט בנים'.

2. אומבּאַלוינט. א'ע מעשׂים טובֿים. „הקבּ"ה לאָשׂ קיין גוטשׂ אום בּיצאלט", צוכט.

3. אומבּאַשטראָפֿט. „צו מוראדיק איז געווען די טאַט, צו פֿאַרבּרעכעריש, אַז זי זאָל קאָנען בּלײַבּן א',„ א. פֿרומקין איבּז, ראָקער, זעקס כאַראַקטערן..., נ„י 1929. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַצאָליק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען פֿאַר דעם ניט בּאַצאָלן; וואָס איז ווערטיקער, טײַערער ווי יעטוועדער מין געצאָלט. א'ע טובֿות. א'ע קונסטווערק.

או'מבּאַצי'רט

אומבּאַצאַצקעט — אַדי. ניט־בּאַפּוצט, ניטבּאַהאָנגען מיט צאַצקעס. פּשוטע, א'ע מונדירן. קלאָרע, א'ע פֿראַזעס.

אומבּאַצוואונגען — אַדי. 1. אומבּאַזיגט; וואָס מע האָט ניט גובֿר געווען. „די פֿרײַע א'ע נאַטור„, י. בּאָוושאָווער, גש, נ„י 1911. "אָבּער

שטאַרק ביסטו, דו גרויסער נאָמענלאָזער א'ער", יהואָש, 'אויפֿן שטראָם'. 2. וואָס מען איז אַליין ניט גובֿר. א'ע גלוסטעניש. 3. נאַטירלעך; דירעקט. ניט אַרויפֿגעצוואונגען מן־הצד. „א'ע

אמתע געפֿילן פֿון אויפֿריכטיקייט און ליבשאַפֿט", דוד וואָלפֿע, דרום־אַפֿריקע, 1963, II־III. "ברענג מיר דאָס פֿרעמדע קינד, וואָס האָט זײַן לעבן דײַן א'עם קאַפּריז צו דאַנקען„, יהואָש, 'דאָס נילוס־קינד'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבאַצווינגלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט באַצווינגען, גובֿר זײַן, בײַקומען. א'ע אומשטאַנדן. „ער וואַר מיר ביז אַהער גאַנץ א'", אמד, דער פֿאַרמאַסקירטער פֿראָנט, ווילנע 1887. ־קייט.

אומבאַצויבערט — אַדי. ניט־באַווירקט פֿון צויבער. בלײַבן א, פֿון וואונדיירים. ־קייט.

אומבאַצוימט — אַדי. דזוו אומגעצוימט ←. א'ע וואַסערן. —קייט.

אומבאַצוימלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט (באַ)צוימען. ימ, 1930. ־קייט.

אומבאַצופּט — אַדי. אין אויסדרוק: אומבאַרופֿן און א, (←. אומבאַרופֿן). שפּאַסיק. אָן אַן

.

עין־הרע און אָן קנײַפּן און אויסשפּײַען [ווײַל בײַם הערן עפּעס גוטס אָדער אַ לויב וועגן עמעצן פּלעגט מען יענעם אַ קניפּ טאָן אָדער אַ צופּ טאָן כּדי עס זאָל אים ניט שאַטן קיין עינהרע].

אומבאַצוקערט — אַדי. ניט־באַשאָטן מיט (זאַמד)צוקער. א'ע טאָרטן, לעקעכער. א'ע אמתן. פּרגל ~געצוקערט. ־ערהייט — אַדוו.

אומבאַציאונג — די, ־ען. גאָר ניט קיין באַציאונג אָדער שלעכטע, ניט־פּאַסיקע באַציאונג. „ביידע וועגן פירן אָפּט צו אַ געוויסער לײַכטער באַציאונג אָדער א', צי גאָר גלײַכגילט צום טויט", יג, תּוך. "עס האָט...ממש נאַכגעיאָגט די מורא פון א, צום ייִדישן שרײַבער", ש. ביקל, רומעניע.

אומבאָצייכנבאַר אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. . דוווו.

אומבאַצייכנדיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט באַצייכענען, אויסמאָלן; באַשרײַבן. א'ער פּלי אין די רוימען. א'ע געשעעניש. ־יקייט.

אומבאַצייכנט — אַדי. וואָס איז ניט באַצייכנט, ניט אָנגעוויזן, ניט דערמאָנט. א'ע

קלעצער. א'ע געווינסן, אָנווערן. „פֿון דעם שוידער אַרום די א'ע קבֿרים פֿון די ייִדישע קדושים“,

יג, טמז, 1964 II ו 10. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מבּאַצי'רט — אַדי. אומבּאַפּוצט (מער יומטובֿדיק). גיין א'. „וואַקסן לייוויקס פּערזן...א, און עפּעס מיט ל„ו'ישער עניוות“, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור, נ״י 1958 ־ערהייט

.

— אדוו. ־קייט.

או'מבּאַקאַ'נט

או'מבּאַקאַנ'ט, ־קאָנט — אַדי. אויך: ~ בּאַקע'נט. אָפּט סובּ. 1. וואָס מע ווייס ניט דעם נאָמען (ווער דאָס איז). “דא שטונד איין בּורגר דער מיר און בּיקאנד וואַר“, אַ פּראָגער פֿאַ,

מיליען־מגילה', 1732 [ש. פֿרידלאַנד, ייִבֿל XIII]. “איז ער אַנטלאָפֿן...איין אום בּקענטר שלאָבֿ“, שאַר. “פּלוצעם זיצט ער דאָ גאָר צווישן צוויי א'ע ייִדן, דער רוח ווייס ווער זיי זײַנען“, ממוט, ווינטשפֿ. “צוריקגעקומען צו דער בּאַנק וואו דער א'ער איז געזעסן“, ספּ, ייִדישער

קאָלאָני וט.

2. וואָס מע קען דעם נאָמען שוין ניט וויסן. בײַם דענקמאָל נאָכן א'ן זעלנער. „מיר קאָנען קוים אַ צייכן מאַכן מיט דער פּען אַרום דעם א'נס קבֿרשע פֿיר איילן", הל, אין טרעבלינקע... „איר זײַט ניט קיין צעבראָכענע מצבֿות איבער די א'ע קבֿרים", שטריגלער.

3. ניט־באַרימט. ניט־באַוואוסט. "אַן א'ער מענטש קען פּלוצלינג עולה לגדולה ווערן„. „קליינע אָרעמע מצבֿות; קורצע אויפֿשריפֿטן אויף זיי, קליינע א'ע נעמען...ווער געדענקט, ווער ווייס פֿון זיי?" פֿרוג I, נ"י 1910.

4. פֿרעמד, זײַטיק. "לײַט דיא אים זײַן און ביקאנט", צוכט. „דיך מציל זײַן פֿון אַ פֿרעמד ווײַב פֿון איין אומבאַקאָנטער מיט גלאַטיקע ריידעלעך", מס, משלי, תּקע"ד, ב, 16.

5 פֿאַרהוילן פֿאַרבאָרגן. דערציילן אויפֿן אויער א'ע זאַכן. „דער משך פֿון זײַן זיצן דאָרט

איז אונדז א'"', אמד, בן פדק, ווילנע 1865.

6. וואָס מע ווייס ניט (מע האָט ניט געלערנט, ניט שטודירט). „די נײַע טעאָריע איז מיר א,, איך האָב וועגן איר נאָך ניט געלייענט,.. ,, ווערטער, וואָס זײַנען...דעם פֿאָלק...א,"', אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871.

7. וואָס מע ווייס (קען) ניט; וואָס מען איז דאָרטן ניט געווען. אַן א, לאַנד. „דער אונשׂ דשׂ זמירות נויא גיזאנק דער אישׂ אונשׂ אלון און ביקאנט,,, 'בנימינס שבת־ליד', [געשריבן באַלד נאָך של"ד] [ביר, ייִבל XIII, 1־2.] „צו קומען כלומר אין איין אום ביקנטן וועג,,, סהמ, ישעיה, מא, 3. „אַזוי ווי אַ רײַזנדער, וואָס גייט אַליין דורך אַ טיפֿן אין וואַלד"', מר III, נ"י 1908.

אומבאַקאַנטלעך, ־קאָנטלעך — אַדי. וואָס איז אַ ביסל אומבאַקאַנט, יאָ באַקאַנט און ניט באַקאַנט. א'ער פֿאַרשוין.

אומבאַקאַנטע — די. מצ ווי אצ. (מאַט) גרייס וואָס איז אומבאַקאַנט. אויסדריקן איין א, דורך אַ צווייטער. אַ גלײַכונג מיט צוויי (דרײַ, מער) א'. אַן א, אין צווייטער (דריטער אאַזוו) מדרגה.

אומבאַקאַנטערהייט, ־קאָנטערהייט — אדוו. ווען מען (עס) איז אומבאַקאַנט; אין מצבֿ פֿון זײַן אומבאַקאַנט. א, זיך דורכשמועסן

ווענן עפּעס   פֿאָר זשע טאַקע אַהיים און

. ,,...

איך וועל דיר געבן אַ בּריוו צו דײַן פֿאָטער

א'...", ט. קאַמינסקי, א ביאָגראַפֿיע פֿון אַ

י ראַל־קלען, קיִעוו 1913.

אומבּאַקאַנטערווײַז, ־קאָנטערווײַז —

אַדוו. דזוו אומבּאַקאַנטערהייט. ,,יוסף:...גריסט

אײַער פֿאָטער א,, מאַכט קורץ און געשווינד

אײַער רײַז", מכירת יוסף שפּיל, לעמבּערג

1876. ,,מײַן זון...לאָזט אײַך גריסן א'", ווינטש

I, נ,,י 1920.

533

אומבּאַקאַנטקייט, ־קאָנטקייט — די

(דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן

אומבּאַקאַנט. אַ קאַלטע, גלײַכגילטיקע א'.

2. אַלדאָס אומבּאַקאַנטע; דאָס פֿאַרהוילענע.

,,מע האָט דעפּעשן מיר געשיקט פֿון א, טיפֿער,

איך האָב זיך יאָרן־לאַנג געמיט אויפֿדעקן דעם

שיפֿער", צייס, געזאַמלטע לידער II. ,,די וועלט

און די א'ן פֿון אירע מרחקים", ייִט, פּוילן II.

3. דזוו אומבּאַקאָנטער, סובֿ. ,,ווער געדענקט

עס דעם נאָמען פֿון אַ...וכדומה אַזעלכע

באַרימטע א'ן?", צײַט, טמז, 10 XI 1961.

□ □

אומבאַקאַנטשאַסט, ־קאָנטשאַסט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומבאַקאַנט. א, מיט אַן ענין. „די אומוויסנהייט און א, פֿון דעם פּאַרפֿאַסער מיט דער סאָציאַליסטישער לערע", דער נײַער גײַסט, נ"י 1898, No. 8 I.

או'מבאַקוועם — אַדי. אויך: ~ באַקוועמט, פֿטמ. ניט־באַקוועם. א'ע דירות, שיך. א'ע סיטואַציע. "אויף איין אומבאַקוועמט בעטל אין איין סאַרדינישע כאַטקע רוט אונדזער העלד", אביגדור ברכי, רוף איבז, רינאַלדאָ רינאלדיני, וואַרשע 1865. ־קייט — "א'ן פֿאַר דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג„, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאַרן.

אומבאַקוועמלעך — אַדי. וואָס איז אַ ביסל אומבאַקוועם. א'ע באַדינגונגען, אָבער צו דערלײַדן. „ווען איר האָט בעתן שלאָף אָנגענומען אומבאַוואוסטזיניק אַן א'ע פּאָזע, האָט זיך אײַך געחלומט אַ שווערער חלום", פֿגעז, ווילנע 1924, No. 2.

־קייט — „באַהערשט פֿון גליקלעכע
געדאַנקען...איז בײַ זיי איצט דער מדבר געוועזן
ווי אַ גן־עדן. זיי האָבן גאָרניט געשפּירט די
א, דער וויסטע„„ הנ״ץ איבּז, שולמית, לובלין
1894. „וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָבן די
מאַטעריעלע א'ן, ווען די פֿרייד האָט גאָר קיין
גרענעץ ניט״, אָפּאַ, היבּרו.
א אַקוקט — אַדי. ניט־באַקוקט; ניט־געזעען.
קויפֿן בײַם פּריץ אַ וואַלד א.. ־ערהייט —
אַדון.
אומבּאַקימערט — אַדי. אומבּאַזאָרגט. ״איז
געזעסן אָן שום מורא, איז געזעסן א'„,
יהואָש, הײַאַוואטאַ. ״זײַט גאַנץ א', אײַער פֿיש
און פֿלייש וועט ניט גיין אין ניוועץ״, אמד, די
יודן אין ליטא, ווילנע 1871. ־קייט,
שפּאַניש־אידישעך ווב, ב״א 1931.
או'מבּאַקלאָ'גט — אַדי. וואָס מע האָט אויף
דעם ניט געקלאָגט. א'ער טויט. ־ערהייט
— אדוו. ־קייט.
או'מבּאַקליי'דט — אַדי. וואָס איז אָן קליידער
אָדער מיט ניט־פּאַסיקע קליידער. הונגעריק,
דאָרשטיק און א, ־ערהייט — אַדוו.

□

או'מבּאַקלע'פּט — אַדי. ניט־באַקלעפּט. א'ע

פֿלעשלעך. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

או'מבאַקלע'רט — אַדי. וואָס מע האָט וועגן דעם ניט־גענוג געקלערט. ריידן א'ע זאַכן, אַלץ וואָס ס'קומט אויף דער צונג. א'ער פלאַן, גאַנג. ־ערהייט — אַדוו —קייט.

.

אומבאַקעמפֿבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט באַקעמפֿן,

▯

אומבאַרופֿן

באַזיגן, באַצווינגען. א'ע געוואוינהייטן. א'ע אַרמיי ־קייט.

.

או'מבאַקע'מפֿט — אַדי. ניט־באַקעמפֿט. א'ע מאַכט.

או'מבאַקע'נט — אַדי. דזוו אומבאַקאַנט ←.

„ווידער וואַלד און ווידער לאָנקע, פֿרעמדע, א'ע וועגן“, י. בירנבוים, 'ווידער וואַלד', דאָס וואָרט, מינכן 1949. ־ערהייט — אַדוו.

או'מבאַקראַ'נצט — אַדי. ניט־באַפּוצט מיט אַ קראַנץ (אָדער קרענץ). דער א'ער קבֿר פֿון

זעלנער. ־ערהייט — אַדוו.
או'מבאַקרוי'נט — אַדי. וואָס מע האָט אויף
דעם ניט אָנגעטאָן קיין קרוין. דער א'ער פּרינץ.
אומבּאַראַבּאַנעווען — ־נעווע אום, ~
געבּאַראַבּאַנעוועט. אוטוו אַ לענגערע צײַט
בּאַ-----
ראַבּאַנעווען אָדער טומלען בּכלל. א, און
פֿאַרטומלען דעם קאָפּ. טרוו — אַ לענגערע צײַט
אויסבּאַראַבּאַנעווען (←). א, דעם זעלבּיקן מאַרש
אַ גאַנצן טאָג.
אומבּאַראָטן — אדי. אומבּאַטראַכט, וואָס איז
אָן ישובֿ־הדעת. "ווערטער א'ענע געשיקט",
אפֿא, יעקבֿס געצעלטן ־ערהייט — אַדוו.
.
אומבּאָדבּלען זיך — אוטוו. ־בּל זיך אום,
זיך ~געבּאָרבּלט. טאָן עפּעס אומגעשיקט און
לענגער ווי געוויינטלעך. א, זיך בּײַ אַן אַרבּעט.
־עניש.
אומבּאַרואיקט — אַדי. 1. פּאַר, ← דוווו.
2. וואָס מע האָט נאָך ניט בּאַרואיקט. א'ע
קינדער. „קוקט אַרויס אויף אַן א'ער קאָנגאָ",
טמז, 24 XII 1962. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומבּאַרואיקן — טרוו. אומבּאַרואיק [!], ~

באַרואיקט. פֿטמ אַנשטאָט באַאומרואיקן. ניט לאָזן זײַן רואיק. מטריח זײַן. בעטן עפּעס טאָן. „זײַט מוחל, איך אומבאַרואיק אײַך אומזיסט", רייד. „מיר האָבן קיין ענטפֿער ניט געקראָגן, סע וואונדערט אונדז און אומבאַרואיקט שטאַרק", בריוו. „אָט אַזעלכע טרעוואָזנע געדאַנקען האָבן אומבאַרואיקט דעם אָרעמען רפֿאל", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. (נר). אויך מיט ז י ך.

או'מבאַרו'ט — אַדי. וואָס איז ניט (קען ניט זײַן) אין צושטאַנד פֿון רו. „סאַראַ א'ער, קענסט ניט אײַנזיצן אויף איין אָרט!", רייד. „דו וועסט פֿאַרלענדן דעם שד וואָס לויערט ווערלפֿיש א'", סוצ, וואלדיקס. ־קייט.

אומבאַרוישט — אַדי. ניט־באַרוישט. א, אין טומל פֿון מוזיק און שפּאַסערײַען. ־קייט.

אומבאַרופֿן — אַדי. 1. וואָס איז ניט ראוי, ניט־פּאַסיק, ניט־צוגעפּאַסט. א, צו זײַן אַ גבאי. א, צו שרײַבן וועגן אַ וויסנשאַפֿטלעכן ענין. א, פֿאַר אַזאַ וויכטיקער אַרבעט. "די א'ענע, מלא־מאַכערס,...פֿאַרשוועכן...די הייליקייט פֿון דער שטימונג", טמז, 15 XI 1960. ־קייט.

2. אויסנעמלעך, וואָס איז אויף זייער אַ

גרויסער (הויכער) מדרגה; וואָס מע זאָל דעם (דער) קיין עין־הרע ניט געבֿן [לר, זאַמעט, קורלאַנד; אין לשון פֿון עלטערע לײַט פֿון אַנדערע דד ביזן אָנהייב 20. י,,ה]. א, שיין; א, קלוג אע. זאָל ער בלײַבן א'.

אומבאַריידעוודיק

3. וואָס מע האָט ניט מגזם געווען; וואָס מע האָט ניט איבעריק געלויבט. דער א'ענער אמת. א'ענע גוטסקייט. א, און אומבאַפּוצט = אָן שום גוזמא, אין פֿולן הסכּם מיטן אמת, מיט פֿאַקטן.

4. וואָס קיין עין־הרע זאָל דעם ניט שאַטן. ,,ווי שיין זי איז, א, זאָל עס בלײַבן,,, רייד. אומבאַריידעוודיק, ־רעדעוודיק — אַדי. קנאַפּ־רעדעוודיק. וואָס רעדט ניט קיין סך. דער א'ער קאַפּיטאַן פֿון שיף ־יקייט — א, פֿון

.

סטיל.

או'מבאַרײַ'זט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט געמאַכט קיין נסיעות. אַן א'ער היימזיצער. 2. וואָס מע האָט אַהין קיין נסיעה נאָך ניט געמאַכט. א'ע לענדער. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.
או'מבּאַריי'מט — אַדי. ניט־באַרימט. באַרימטע
און א'ע מענטשן. ־ערהייט — אַדוו.
אומבּאַרימטקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומבּאַרימט. „ער וועט שוין בלײַבן בײַ זײַן א',,,
רייד. 2. ווער עס איז אומבּאַרימט. פֿון אַן א,
מיטאַמאָל ווערן אַ שם־דבֿר.
אומבּאָרירבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומבּאַרירלעך ←. „די אַכטע דיבּרה פֿלעגן די
,
פּוריטאַנער טענהן, איז אַ דירעקטער באַוויַיז אַז
פּריוואַט־אייגנטום איז א',,, גרינ, ייִד און וועלט,
נ„י 1953. „דאָס אַלץ איז הייליק און א'‟, בּ.
רודמאַן, צוק, 1959, X. ־קייט —
אומבּאַרירלעכקייט. „אויף דעם דאָזיקן ראָמאַנטישן
שטאַנדפּונקט פֿון א, פֿון אינדיוויד,,, אליעזר
גרינבּערג, צוק, 1963, 3. „ס'איז ניטאָ קיין
גאַראַנטיעס פֿון פּערזענלעכער א'‟, דער
מאָרגנשטערן, ווילנע 2 l907, I, No.
או'מבּאַריי'רט — אַדי. 1. ניט אָנגערירט פֿון
קיינעם (קיין זאַך). א'ער שניי. „אונדזערע נאָך
א'ע פּײַקעלעך,,, אמד, די צוויי קליינע
קאַטערינסציקעס, ווילנע 1874. „ווען זי וואָלט געווען

אַ גאַנצן טאָג, וואָלט עס געבליבן א',,, ווײַס, ,דער איבערגאַנג'.

2. אומשפּירעוודיק. אומפֿילעוודיק; ניט־באַווירקט. ,,ע□.,, דער שוואַכינקער...ייִדישער שרײַבער איז געבליבן א, אין דער צײַט, ווען די דעמבעס זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן מיט זייערע וואָרצלען,,, מוק, מײַנע באגעגענישן. ,,גאַנץ היפּשע טיילן פֿון פֿאָלק זענען נאָך געבליבן א, פֿון דעם גרויסן נס“, חיים ליבערמאַן, פֿאָר, XI 1961 17.

3. צניעותדיק; אומשולדיק. א'ע יונגפֿרוי.

4. געבליבן ווי פֿריִער; ניט־געביטן. ”דאָס אַרט לעבן, די זיטן געבליבן אינגאַנצן א, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק,,, ל. לעוויץ, רפֿאל דעס שנײַדערס טאָכטער, ווילנע l888.

5. ניט־אויפֿגענומען; ניט־באַהאַנדלט. א'ער פּונקט פֿון סדר־היום.

אומבאַרירטערהייט — אַדוו. ←

אומבאַרירט, ב1. ,,און מיט דער גרעסטער שׂמחה... וועלן מיר דיר זי [דאָס קעסטעלע] צוריק אָפּגעבן א',,, [אמד], הנסיון, ווילנע 1856.

אומבאַרירלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען (טאָר) ניט באַרירן, בײַטן, איבערשטעלן. א'ע

קע אַנטיקן. „איך האַלט ניט דעם סדר וואָס איז געגעבּן אין בּיכל פֿאַר אַן א'ן“, ימ, שולגראַמאַטיק, 1923. 2. וואָס מע טאָר ניט קאָנפֿיסקירן אָדער אַרעסטירן. אַן א'ע פּערזאָן. א, אייגנטום.

אומבּאַרירלעכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומבּאַרירלעך. „די פּרינציפּיעלע א, פֿון כלל־ישׂראל־פּאָליטיק„, ימ, נײַס, 1922. „צוגענומען בּײַ אים די רעכט פֿון אימוניטעט (אומבּאַרירלעכקייט), וואָס האָט בּיז איצט אים בּאַשיצט קעגן געמשפּט צו ווערן“, טמז, 19 2□19 XII.

אומבּאַרעגנט — אַדי. ניט־בּאַרעגנט. קומען טרוקן, א,. א'ע פֿעלדער ־ערהייט — אַדוו.

.

־קייט.

או'מבּאַרע'דט — אַדי. ניט־בּאַרעדט. קיינער איז ניט געבּליבּן א'. „איז זי געבּליבּן גאַנץ א, און פֿאַרשווינט זעלבּסט פֿון די גרעסטע בּאַריידערקעס“, אמד, דער שוואַרצער האָן, ווילנע 1879. ־קייט.

אומבּאַרעכטיקונג — די (דאָס), ־ען. פֿאַלשע,

ניט־געַנוגיקע באַרעכטיקונג. טאָן מיט
באַרעכטיקונג און א'.
אומבאַרעכטיקט — אַדי. וואָס איז אָן
ריכטיקער (יושרדיקער) סיבה אָדער כּוונה. א'ע
מעשׂים, פֿאָדערונגען. ־ערהייט — אַדוו.
„האָט געהאַט אַ טענה אַז די יו־ען מישט זיך
א, אין איר.. אַפֿריקאַנישער קאָלאָניע„, טמז,
10 1965 I. .קייט.
אומבאַרעכנבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
וובֿ. ← דוווו. „איז דען אין פּוילן נישט
פֿאַרבליבן אַ ממש א'ע מאַטעריעלע ירושה פֿון די
פֿאַרברענטע ייִדן?„, ש. ל. שנײַדערמאַן, טמז,
3 4 19 I.
אומבאַרעכנ(ד)לעך — אַדי. נעאָל. [דער
פֿאָרעם אָן ד זאָל מען אָפּגעבן די בכורה.]
וואָס מע קען ניט באַרעכענען. א'ער
שאָדן. א'ע גרייסן. „דער דאָזיקער אײַנפֿאַל
וואָלט געדאַרפֿט זײַן נאָך מוטוויליקער, נאָך
א'ער„, מוו איבז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין
פּסיכאָאַנאַליז. ־קייט.
אומבאַרעכנט — אַדי. 1. ניט־באַרעכנט. א'ע
חובֿות. 2. אומבאַטראַכט. „אָ איך האָב דיזן
שדיט געטאָן גאַנץ א'“, אמד, קאַרטוכע, ווילנע

1878. ,,אַלע זײַנע מחשבֿות און מעשׂים זײַנען א, געװוען‟, קלמן סובֿיל איבֿז, דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובֿלין 1894. ,,ווי א, וואָלט אָבֿער געוועון מײַן אַנטלויפֿן?,,, ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. ,,דעם עגמת־נפֿש וואָס מע האָט אים פֿאַרשאַפֿט אין אַן א'ן מאָמענט‟, ש. וויגאָדאַ פֿאָר, 22 1964 III.

,

־ערהייט — אַדוו. טאָן א'. ־קייט — זײַן א, פֿאַרפֿירט אים. די איינציקע א'.

א אַרעמהאַרציק — אַדי. וואָס איז אָן אַ גוט האַרץ, אָן רחמנות. ‟די אומוויסנהייט איז גורם דאָס פֿילע עלטערן אויף זייערע קינדער אַליין ווירקלעכע רוצחים זײַנען און א'‟, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע▯ות II, סאַטמאַר תּרל‟ב. ,,די קריטיק האָט מיט א'ע הענט צוזאַמענגעקליבֿן דעם שטובֿ..., דעם שימל, אין וועלכן עס האָבֿן געלעבֿט די ייִדן אין גושן,,,

או'מבֿאַשווע'רט

בֿעמ II. אָפּט סובֿ. ,,איך האָבֿ זיך געראַנגלט מיט שטאַרקע, מיט מעכטיקע, מיט א'ע‟, ש. אַנסקי, דיבֿוק. ־יקייט.

אומבּאַרעמהערציק — אַדי. נר. ←

אומבּאַרעמהאַרציק. ,,[דער שפּאַרבע] מיט די פֿייגל...אַזוי א, גייען אום,,, משל הקדמוני, אוסטרהא 1808. ,,ווער איז אַזאַ גרויסער נאַר דאָס ער...אויף זיך זעלבער א, איז,,, עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 1866.

אומבּאַרעמהערצלעך — אַדי. דזוו דפֿוו.

,,איך בין דיר אַזו אום בּאַרים הערצליך אום גנגין,,, ר, יהודה ליב בר, משה זעליחאָבֿר, שירי יהודה, אַמשט 1697.

אומבּאַרען זיך — בּאַרע זיך אום, זיך ~ געבּאַרעט. אוטוו — פּטרן צײַט, אויסמײַדן צו טאָן אַן אַרבּעט מיטן אָנשטעל פֿון זײַן פֿאַרנומען. ,,חבֿרה, געגוג זיך א', נעמט זיך צו דער אַרבּעט!,, קזוו. וואול — האָבּן סעקסועלן פֿאַרקער ־עכץ ־עניש.

. .

אומבּאָרען זיך — אוטוו, קזוו. ־רע זיך אום, זיך ~געבּאָרעט. ראַנגלען זיך אַ לענגערע צײַט. א, זיך ביז איינער לייגט דעם צווייטן אַוועק אויף די לאָפּעטקעס. ־עניש.

אומבּאַשאָטן — אַדי. ניט־בּאַשאָטן. אָפֿענע, א'ענע אָקאָפּעס, אָן אַן אויפֿשיט פֿון זאַמד פֿאַר זיי. די מײַז־לעכער זײַנען געבליבּן א, מיטן

סם־פּראָשעק.

אומבּאַשאָטנט — אַדי. וואָס איז ניט אין שאָטן; אומפֿאַרשטעלט. א'ע וועראַנדע. דאָס א'ע שטיק פֿעלד.

אומבּאַשאָנקען — אַדי. ניט־בּאַשאָנקען. וואָס איז געבּוירן אָן בּאַזונדערע פֿעאיקייטן. א, מיט טאַלאַנט. א, מיט גוטע מידות.

אומבּאַשאָסן — אַדי. ניט־בּאַשאָסן. א'ענע פֿעסטונג. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַשאַף — דער. מצ נבֿ. שלעכטער, ניטגעדאָטענער בּאַשאַף; ווילד בּאַשעפֿעניש; פֿאַרזעעניש. „געזען אַן א', אַ מאַן מיט אַ בּאָרד און מיט אַראָפּהענגענדיקע ציצקעס“, רייד.

אומבּאַשאַפֿן — אַדי. ניט־בּאַשאַפֿן. די א'ענע וועלטן.

אומבּאַשוואָרן — אַדי. וואָס איז ניט דורך די צערעמאָניע פֿון (איַינ)שווערן. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַשווינרלט — אַדי. ניט־בּאַשווינדלט; אומאָפּגענאַרט. א, פֿון ספּעקולאַנטן, פֿון אונטערוועלטניקעס.

אומבּאַשוועצט — אַדי. אַרכ. וואָס מע רעדט ניט וועגן דעם. „[ווען עס איז דאָ דערבּיַי אַ גר] לאָז איינם אידרין זיַיני קרובֿים אום

בישוועצט,,, צוכט.

אומבּאַשווערט — אדוו. אַרכ. ווען עס פֿאַלט ניט צו לאַסט. ,,אלי ליבּה פֿרײַנד מיינט וועגן אום בּשווערט צו גריסן“, י. מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל,,ד.

או'מבּאַשווע'רט — אַדי. וואָס האָט ניט אויף זיך קיין לאַסט. ,,די בּיימער שטייען פֿרישע, א'ע,,, לע, 'פֿרילינגדיקס,. 2. דזוו אומבּאַשוואָרן. וואָס האַט ניט גענומען קיין שבֿועה אויף זיו. א'ע עדות.

או'מבּאַשו'כט

או'מבּאַשו'כט — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרזאָרגט מיט שיך. א'ע יתומים. בּאָרוועס, א,. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַשולדיקט — אַדי. ניט־בּאַשולדיקט. דער איינציקער א'ער. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַשטאַט — אַדי. וואָס איז אָן אַן אָרט; ניט־בּאַהאַלטן; ניט אײַנגעאָרדנט; ניט פֿאַרזאָרגט מיט דאָס נייטיקע. אַן א'ער פּליט. ־ערהייט — אַדוו.

אומבּאַשטאַנד — דער, ־ן. 1. ניט־ראַיעלער שטאַנד, ניט־זיכערער מאַטעריעלער מצבֿ;

וואַקלדיקער מעמד. „אַ פֿרעמדער אָבער וואָלט גלײַך
דערפֿילט אַ ריח פֿון א'...און שווינדלערישן
הוהאַ„, נס, משפּחה מאַשבער. 2. דאָס וואָס
האָט ניט קיין האַפּט; דאָס וואָס בטבֿע קען ניט
בלייַבן, באַשטיין. „ס'איז אַ קיקיון דיונה,
אַן א'“.
אומבאַשטאַנדיק — אַדי. ← דפֿוו. א'ע גליקן.
־יקייט.
או'מבאַשטוי'בט — אַדי. 1. ניט־באַשטויבט.
א, מעבל. 2. ניט־באַפֿרוכפּערט מיט
שטויבפֿעדעמלעך. יאַכ. „בלייַבט די יוקאַ־בלום א',
און דער יוקאַ־צמח — פֿרוכטלאָז„, ש. בלום,
דער בוים פֿון לעבן. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.
אומבאַשטיוולט — אַדי. וואָס איז ניט
פֿאַרזאָרגט מיט שטיוול; וואָס איז אָן שטיוול. א'ע
סאָלדאַטן פֿון דער פֿרײַוויליקער פֿאָלקס־אַרמיי.
אומבאַשטײַערט — אַדי. וואָס מע האָט אויף
דעם ניט אַרויפֿגעלייגט קיין שטײַער. א'ע
סחורות. א'ע אָרעמעלײַט. ־קייט.
אומבאָשטימבאָר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. דזוו אומבאַשטימיק ←.
אומבאַשטימט — אַדי. אומקלאָר; וואָס איז
געבליבן אָן קלאָרער פֿאָרמולירונג, אָן קלאָרן

בּאַשלוס. מיט אַן א'ן אויסדרוק אויפֿן פּנים.
אַן א'ער קלאַנג. אַן א'ער ענטפֿער. „די פֿראַגע
וועגן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך...האָט די
פּראָגראַם מיט אַ כּיוון געלאָזט א'„, זשיט ▯ יI. „אַשס
שפּראַך איז זייער אָפֿט א'. זײַנע בּאַשרײַבּונגען
זײַנען אומקלאָר, נישט אַלעמאָל פּינקטלעך„,
שנ, שלוס אַש.
(גראַמ) א'ער אַ ר ט י ק ל — אַ; פֿאַר
וואָקאַלן, דיפֿטאָנגען — אַן. א'ער א ו פֿ ן פֿון
ווערבּ = אינפֿיניטיוו. „מיר קענען סתּם אָנרופֿן
דעם נאָמען פֿון דער טואונג און נישט אָנווײַזן
מער גאָרנישט. [האָבּן מי ▯] דעם א'ן אופֿן„,
ימ, ש ול־גראַמאַטיק, 1921.
(מאַט) א'ער אינטעגראַל, א'ע גרייס, א'ער
קאָעפֿיציענט אאַ. (מוזיק) א'ע פֿ אָ ר ע ם.
(בּאָטאַניק, זאָאָלאָגיע) א'ער געשלעכט = בּײַ
פּרימיטיווע בּעלי־חיים און געוויקסן.
־ערהייט — אַדוו. ־קיי ▯ — „ניטאָ קיין
מוט און ענערגיע אַרויסצוקריכן פֿון דער
נודנער און פֿרוכטלאָזער א'„, ימ, נײַס, 1922.
„די א, מאַכט מיך נערוועז. אַהין אָדער אַהער!“,
בּ. שעפֿנער, פֿאָר, 31 ▯ 1963 III.
אומבּאַשטימטהייט — די (דאָס), ־ן. נר. דזוו

אומבאַשטימטקייט. ״מיר פֿילן די לײַדן פֿון
דער וועלט;...די טונקלהייט פֿון דעם קבֿר, די א,
פֿון שיקזאַל,,, י. באָוושאָווער, גש, נ,,י 1911.

535

אומבאַשטימיק — אַדי. וואָס מע קען ניט
באַשטימען. אומקלאָרער, א'ער ווײַטערדיקער
גורל. א'ער אַרטיקל = אומבאַשטימטער
אַרטיקל (זאַרעצקי, פּראָקטישע גראַמאַטיק, 1927).
־יקייט.
אומבאַשטימלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) ניט באַשטימען. ,,איז ניט כדאַי...
אַרײַנצופֿירן די 'שטים פֿון בלוט, און ענלעכע
א'ע גרייסן״, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
־קייט.
אומבאַשטעטיקט — אַדי. ניט־באַשטעטיקט.
א'ע סענסאַציע. א'ער אורטייל. א, געזעץ.
,,לויט א'ע באַריכטן, האָבן מיליץ־אָפּטיילונגען
זיך באַטייליקט אין די אַטאַקעס אויף די
דעמאָנסטראַנטן,,, טמז, 1 1963 I ־ערהייט
.
— אַדוו. ־קייט.
או'מבאַשטע'לט — אַדי. 1. וואָס איז ניט

באַשטעלט. ניט־רעזערווירט. ניט־פֿאַרנומענע, א'ע
צימערן אין האָטעל. 2. ניט־פֿאַרבעטן,
ניטגערופֿן. „זונפֿאַרגאַנג און טרויער קומען א,
אין אָוונט“, מלה, 'אסתּר'. 3. ניט־
אַרומגעשטעלט. א'ע צימערן אָן מעבל. א'ע פּאָליצע.
־ערהייט — אַדוו. קריגן עפּעס צוגעשיקט א'.
־קייט.
אומבאַשטענדיק — אַדי. 1. ניט־אָפּט;
ניט־כּסדרדיק. באַשטענדיקע און א'ע
אַרײַנגייערס. 2. ניט־באַשטענדיק, וואָס בײַט
זיך. „אַך, וויא אום בשטענדיג איז דאַך דז
גליקה„, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718.
„מיר קאָנען איצטער ניט אָנפֿירן קיין
סטאַטיסטישע צאָלן, וואָס זאָלן באַווײַזן, ווי א,
דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס איז אין
אַמעריקע“, זשיט I ‏־י. „זי איז א, ווי דער וועטער„,
מך III, נ״י 1908.
3. וואָס בײַט געפֿילן, מיינונגען,
אײַנשטעלונגען. ״ווער א'ע רייד אין זיך האָט צײַגט
אָן דאָס ער זיך לענקט נאָך זײַנע לוסטן“, ספֿר
מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ״ט. „אַך! דו א'ע...
וואָס דו ביסט ניט ווערט ד ‏ ליבשאַפֿט פֿון אַזוי
אַ באַרימטן מאַנספּאַרשוין„, ג'ל'כ'ז, [איבּז],
קאַטבער מיט דער פּרינצעסין אַרעמיניע, ווילנע

ספֿר,,, צײַטן [פֿון] ,,א, — ־יקייט. 1870.
מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ"ט.

אומבאַשטערנט — אַדי. ניט־אויסגעשטערנט. ניט־באַדעקט מיט שטערן. א'ער הימל. א'ער באַלדאַכין.

או'מבאַשטראָ'פֿט — אַדי. ניט־באַשטראָפֿט. אַן א'ער פֿאַרברעכער. ,,א, זײַן לעבן אויף זײַן בעט געענדיקט האָט", אַבֿיגדור ברכי, רוף איבז, רינאַלדאָ רינאַלדיני, וואַרשע 1865. ,,מע האָט גערעדט בײַ אײַך אין שטוב אַזעלכע דבֿרים... וואָס בלײַבן קיינמאָל א'", אמד, די אורחים אין דוראַצעסאָק, ווילנע 1872. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,שאַנד פֿון א, פֿונעם מערדער", הלל זײַדמאַן, טמז, 14 ▯ 1961 II.

אומבאַשטראָפֿלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט באַשטראָפֿן. ,,וואָסער נקמה מע זאָל ניט וועלן אויסטראַכטן, בלײַבט דאָך אַזאַ גרויל א'". ־קייט.

אומבאַשטריטן — אַדי. וואָס מע האָט זיך ניט אַרויסגעזאָגט קעגן. וואָס מע האָט קעגן

אומבאַשלאָסן

דעם ניט געשטריטן, ניט געקעמפֿט. ,,האָט

'דאָס שטעטל, דעם א'ענעם פֿאַרדינסט", ב.
ריוווקין, גרונט־טענדענצן.... ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומבאַשטרײַטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דווו. „די געזעץ־ביכער און די געריכטס־
הײַזער זײַנען א'ע עדות פֿון אויסגעלאָשענער
ליבע", מר III, נ"י (19). „דאָס איז אַן א'ער
פֿאַקט„, סאָוו צ, [נש, ישפ 3 (10)] ־קייט,
—
.
ווב ראָכקינד־שקליאַר.
אומבאַשטרײַטלעך — אַדי. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט באַשטרײַטן. א'ער אמת; א'ער
באַווײַז. „א'ע היסטאָרישע און דעמאָקראַטישע
רעכט צו לעבן„, ימ, שמעון דובנאָוו. ־קייט.
אומבאַשיידט — אַדי. וואָס מע האָט אויף
דעם ניט קיין באַשייד (ענטפֿע). די פּראָבלעם
איז דערווײַל א'. „בײַם ראַנד פֿון א'ן טאָג,
וואָלט איך אַוועקגעפֿאַלן", יג, פֿון מײַן גאַנצער
מי. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבאַשיידלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
באַשיידן, וואָס מע קען ניט געפֿינען קיין
ענטפֿער דערויף. די פּראָבלעם איז לויט איר עצם
נאַטור א, ־קייט.
.

אומבאַשיידן — אַדי. ניט־באַשיידן. א'ענע
יונגען. „ער אַליין ווערט פֿול מיט א'־
גליקלעכער נאָגעניש, מיט א'ענער גרייטקייט
אויסגיין אין דער נאָגעניש,„ בעדן, ביים דניעפּער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „איך קען ניט
אָפּדרוקן איערע הייסע קאָמפּלימענטן...דאָס
וואָלט געווען אַ צו גרויסע א',„ דר, ע. פּאַט,
טמז, 13 ◻ III 1964.
או'מבאַשיי'נט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געמאַכט שיין (שענע◻). דער א'ער אמת.
או◻באַשיי'נט — אַדי. וואָס מע האָס אויף
־ ייִט.

דעם קיין שיין ניט געוואָרפֿן. דער א'ער טייל
פֿון דער בינע ־קייט — אַן א, אין דער
רעאַ.
ליסטישער באַשרייבונג פֿון דער פֿינצטערער
סבֿיבֿה.
או'מבאַשי'צט — אַדי. ניט־באַשיצט. „אָ, גאָט
קוק אַראָפּ מיט רחמנות/ אויף אונדז, א'ע
קרבנות,„ מר III, נ„י 1908. „א, און אָרעם אין
דעם קאַלטן וועטער, אין די שטיבלעך־קבֿרים,
אויפֿגעשטעלט פֿון ברעטער,„ אַר, 'קאַלט'.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „די א, איז געווען ווי בײַ אַ וואָלף אין נאָרע“, אַהרן ווערגעליס, סאָוו היימלאַנד, מאָסקווע 1962, .No 5

אומבאַשירעמט — אַדי. 1. אומבאַשיצט, אומבאַהיט. „וואָס האָב איו געהאַט צו אַנדערע — צו א'ע, צו דערנידעריקטע, צו דערשלאָגענע און פֿאַרוואָגלטע, נעבעך“, ממוס, קליאַטשע. 2. וואָס איז ניט אונטער אַ שירעם. זיצן א, אונטער אַ ברענענדיקער זון. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבאַשלאָגן — אַדי. ניט־באַדעקט מיט שינדלען אָדער ברעטער. „אַ האַלבער דאַך איז דערווײַל נאָך א'„. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומבאַשלאָסן — אַדי. 1. וואָס וועגן דעם האָט מען קיין באַשלוס ניט אָנגענומען. די פֿראַגע

אומבאַשלאָפֿן

איז געבליבן א'. 2. וואַקלדיק, ספֿקדיק. א'ענע, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען. ־קייט אַרויסווײַזן א'.

---.

אומבּאַשלאָפֿן — אַדי. דזוו אומבּאַמאַנט, בּ2.
אומבּאַשליסלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט בּאַשליסן. א'ער פּונקט אויפֿן סדר־היום. ־קייט.
אומבּאַשמאָלצן — אַדי. 1. אומבּאַפֿעטסט. א, עסנוואַרג. 2. וואָס איז טרוקן, (ניטאָ קיין מיטלען צו האַלטן דעם אינטערעס, ספּעצ ניטאָ קיין סעקסועלע אָנצוהערענישן). אַ לאַנגווײַליקע, א'ענע קאָמעדיע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מבּאַשמו'צט — אַדי. ניט־בּאַשמוצט. א'ע מלבּושים. אַרויס פֿון אַ בּאַשולדיקונג א'. „אַבֿרהמל...איז אַזוי גוט, ערלעך, אַזוי א', ריין“, ח. ד. גילדענבּלאַט, אברהמעלע בּעל עגלה, ווילנע 1913. ־ערהייט — אַדוו.
או'מבּאַשמי'נקט — אַדי. וואָס איז אָן שמינק(ע). אומבּאַפֿאָרבּן; אומגרימירט. א'ער אַקטיאָר. א'ער קלאָון ־ערהייט — אַדוו.

.

אומבּאַשמירט — אַדי. 1. ניט־בּאַשמירט. טרוקן, א, פּענעצל. „געלאָזן צו שטאַרק אָפּבּרענען דעם א'ן רוקן“, רייד. 2. אומקאָמפּראָמיטירט. א'ע רעפּוטאַציע. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.

אומבאַשניטן — אַדי. 1. ניט־באַשניטן, ניטאַרומגעשניטן. א'ענע שטיקער פּאַפּיר. אַן א, בוך = וועט די בויגנס זײַנען ניט אַרומגעשניטן בײַם אײַנבינדן.

2. ניט־געמל(ע)ט. אָפּט סוב = ערל. „ ירושלים דיא הייליגה שטאַט דען עס ווערט ניט מער אין דיר קומן קיין אונבישניטנר„, חזוק אמונה, [איבז), אַמשט 1717. „ברענג געשווינד דײַן זון דעם באַשניטענעם, איך וועל דיר אים אומבײַטן אויף מײַן זון דעם א'ענעם„, צ. נ. גאָלאָמב, דער פּערבאָטענער ברית, ווילנע 1894. „און אַן א'ענער מאַנספּאַרשוין וואָס וועט זיך ניט מלן“, תּי, בראשית, יז, 14. „צי אַרויס דײַן שווערד און דערשטעך מיך כּדי די דאָזיקע א'ענע זאָלן ניט...מאַכן קיין געשפּעט איבער מיר“, תּי, שמואל א, לא, 4.

א, ה אַ ר ץ — 'ערל לבֿ, שלעכט, אומברחמנותדיק האַרץ. „אזו האָבן אַל דאשׂ הויז ישׂראל און בישניטן הערציר דאשׂ זעלביג היישׂט אַך איין מום“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, ט, 25.

3. טוו פֿאַר ערלה, ערל (וועגן פּרוכטביימער). “און [איר] וועט פֿלאַנצן אַלערליי עסביימער, זאָלט איר לאָזן זייער פּרוכט א'„,

תּי, ויקרא, יט, 23. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומבּאַשעדיקט — אַדי. ניט־בּאַשעדיקט.
אַרויסגיין א, פֿון אַ סכּנה. אַרויסקומען גײַסטיק
א'. „מײַן פֿרוי און קינד וואַרן אויך געשלאָגן,
אָבער א'“, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר
לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. „דער
גאָטספֿאָרכטיקער קומט אַרויס פֿון אַלעמען א'“, יע,
קהלת,
מאָנטרעאַל 1929.
־ערהייט — אַדוו. אַרויסקומען פֿון דער
בּאָמבּאַרדירונג א, ־קייט — ממש אַ נס די
.
א, פֿון מאַרך.

□

אומבאַשעסטיקונג — די, ־ען. מצבֿ פֿון ניט
האָבן קיין באַשעפֿטיקונג. „אַ כראָנישע א'“,
לע, טמז, 29 IX 1963.

-

אומבאַשעסטיקט — אַדי. וואָס האָט ניט
צײַטווײַליק קיין באַשעפֿטיקונג. אַרומגיין א',
גאָרניט טאָן. „א'ע 'ספּעציעלע, פֿאַכלײַט“, מ.
שיפּפּעל, די ע□ [אָנאָמישע איבערקערענישן,
זשענעוו 1904. „סײַ ווען ער אַרבעט, סײַ ווען
ער איז צוליבֿ געוויסע סיבות א',„ ישעיה
טרונק, לאָדזשער געטאָ. ־ערהייט — אַדוו.
או'מבאַשע'רט — אדי. ניט־באַשערט. א, גליק.
„אַן א'ער איז אַ פֿאַרווערטער“ ־קייט.

.

אומבאַשפּיגן — אדי. 1. וואָס מע האָט אויף
דעם ניט געשפּיגן. א'ענע פּאָדלאָגע. 2. שטאַרק
באַרעדט, באַליידיקט. קיינער איז ניט אַרויס
א, פֿון די רכילותניקעס.
אומבאַשפּראָכן — אַדי. אַרכ. ערלעך,
אָרנטלעך, אָן אַ פּגם; וואָס מע קען וועגן דעם קיין

שלעכט וואָרט ניט זאָגן. „פֿרומי און
אונבּישפּראכיני (ערליכי) פּרשוינן“, „תּקנות פֿון
קהילה אמסט', 1737 [יאי, ווִפֿאַ, 1938, 10].
אומבּאַשפּריצט — אדי. 1. ניט־בּאַשפּריצט.
א'ע בייטן. 2. ניט־בּאַשפּרענקלט מיט געהייליקט
וואַסער. „די א'ע גויעס האָבּן זיך גערוקט
פֿאָרויס“ ־ערהייט — אדוו ־קייט.

. .

אומבּאַשריבּן — אַדי. ניט־בּאַשריבּן. “קיין
איין וואָרט פֿון דעם העלד טאָר ניט בּלייַבּן א',,,
שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבּאַשריגן — פּד. ← אומבּאַשרִיען. „זיא
איז אומבּאַשריגן שיין, און האָט גרויסן חן...,,,
אַהרן וואָלפֿסזאָהן, לייַכטזין אונד פֿרעממעלייַא,
אמשט 1798.
אומבּאַשרייַבּלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
בּאַשרייַבּן; וואָס מע קען ניט איבּערגעבּן;
אויסערגעוויינטלעך, אויסנעמיק. „די
איבּערראַשונג פֿון אַלעמען איז געווען א'“, לדבּ, קס“ח.
„האבּין בּידי דאז מייטכין און בּישרייַבּליך ליפּ
גיהאט“, גה, 257. „אַזוי פֿיל א'ע שטורעמס
אויפֿן ים, פּונקט ווי אין לעבּן“, מר I י, נ“י
1910. „לענדער פֿון א'ער שיינקייט“, י.

באָוושאָוועט, גש, נ״י 1911. ,,א, איז אַ וואָרט וואָס
ראַטעוועט, ווען די ריכטיקע ווערטער יאַווען
זיך נישט״, יג, טמז, 25 □ 1957 III. ־קייט.
אומבאַשרײַבעריש — אַדי. וואָס איז אָן
באַשרײַבונג; קורץ, פֿאַקטנדיק. א'ע נאָטיצן.
־קייט.
אומבאַשר□ען — אַדוו. וואָס מע זאָל דעם
(דער) קיין עין־הרע ניט געבן (פֿרגל
אומבאַרופֿן, ב2). ,,דען ער וואַר א, זייער שיין
אויסגעוואַקסן״, אמד. ,,ער איז א, אַ ליבהאָבער פֿון
אַלעם״, טענדלאַו, 579. ״און זעט נאָר, א',
מײַנע קליינע מוציקעס! זיי גייען נעבעך אָן
שיכלעך״, מר □, נ״י 1910.
א אַשרענקט — אַדי. דטשמ. נר.
אומבאַגרענעצט. ״כ'האָב געגאָסן דעם לוקסוס פֿון
ליבע און א'ע פֿרײַהייט,,, ד. עדעלשטאַט,
שריפֿטן, לאָנדאָן 1909. ,,זעען ניט קיין
באַשטעטיקונג פֿון דער א'ער קלאַגע פֿון רדיפֿות
אויף ייִדן,,, טאָג, 10 1963 □I. ־קייט — ,,די
ווײַטגרייכגדיקסטע א, פֿון דער פֿאָרשטעלונג,,,

אומבונטעווען זיך

ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, בּ„א
1949.

אומבּאַשרענקלעך — אַדי. נר. וואָס מע קען ניט 'בּאַשרענקען', בּאַגרענעצן. „עס זײַנען אַמאָל געווען צײַטן...ווען די נאַטור האָט א, געוועלטיקט אויף [די מענטשן]„, בּן־חוּפֿש, אַ פּאָליטישע אָדער אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, [נ“י] 1905.

אומבּדהנען — [...בּאַ'דכענען] אוטוו. בּדחן אום, ~געבּדחנט. אַ לענגערע צײַט אָדער (און) אין פֿאַרשיידענע ערטער זיך פֿירן ווי אַ בּדחן, אַרויסבּרענגען פֿאַר אַן עולם לידלעך, גראַמען, וויצן. „געווג דיר א', שוין צײַט צו ווערן אַ מענטש“.

אומבּוים — דער, ־בּיימער. אויך: אומבּרעל, אומבּרעלע. שפּאַ. בּוים פֿון מאַגנאָליע־משפּחה, מיט געפֿלאָכטענע צווײַגן און לענגלעכע בּלעטער. דער א'־בּ, שאַפּט אַרום זיך אַ שאָטן און ווערט אָפֿט געפֿלאַנצט בּמקום אַ פּאַרקן. וואַקסט אין אַזיע און אַמעריקע. „איבּערהויפּט דער א'־בּ, טוליעט זיך צו [צו דער פּאַמפּע] ווי צו אַ מוטערס שויס“, דאַשעווקי, אַמעריקאַנער, Magnolia.3 I 1958

.ala e i]

אומבּוי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אומבּויען. אַ גרינטלעכער א'. „דאָס וואַקסן איז אָבער ניט נאָר אַ צוקום אין דעם קערפּערשטאָף, אַ צובוי, עס איז צוגלײַך אַן א, [מיט] פֿאַרענדערונגען אין דער פֿונקציע פֿון די

- . .

אָרגאַנען„ פֿגעז, ווילנע 22 1929, No.

,

אומבּויגזאַם — אַדי. [< בּויגן = בּייגן]. ← אומבּייגזאַם. (נר).

אומבּויט(ש)ען — טרוו. ־ט(ש)ע אום, ~ געבּויט(ש)עט. אַ לענגערע צײַט בּויטען, בּויטשען, צעשאָקלען אַ פֿליסיקייט אין אַ כּלי. א, און מאַכן מוטנע. „אַז מע בּויטעט אום מעד — שיסט עס אויס“, שוו [= אויך אַ רואיקן און גוטן מענטשן קען מען אַרויסבּרענגען פֿון די כּלים]. ־עניש. ־ערײַ.

אומבּויען — טרוו. בּוי אום, ~געבּויט. איבּערבּויען; בּויען פֿונדאַמענט אויף אַ נײַעם שטייגער. א, דעם פּאַסאַד פֿון בּנין, ער זאָל האָבּן אַן אַנדער אויסזען. „רײַסט מן [די מויערן] נידר, הייזט ער זיא דען ווידר אום בּויאן“, יוסיפֿון,

אַמשט 1661. ,,פֿון זייערע...נדבֿות פֿון דעם וואָס
זיי האָבן צוזאַמענגענומען...האָבן זיי...זיך
גענומען אומצובויען דאָס לאָקאַל,,, קמ, 1868,
No 50.

־ונ□ט — [...בוילעט] אַדי. ־[. וואָס איז ניט
־עכץ ־עניש ־ער.

. . .

אומבו

גענוג קאָנטיק, □יט־אַרויסשטאַרצנדיק. א'ער
רעליעף. א'ע כוונה. 2. אומקלאָר. "אַזאַ א'ער
קלאַנג [ריש־קלאַנ□] קען ניט שאַפֿן דעם
אונטערשייד צווישן דאַטיוו און אַקוזאַטיוו פֿון
ווייַבלעכע אַדיעקטיוון און ווייַבלעכן אַרטיקל,,,
ימ, ייִפֿא, 13 ־קייט.

.

אומבונדיסטיש — אַדי. ניט־כאַראַקטעריסטיש
פֿאַר אַ בונדיסט. ,,א'ע רייד פֿון אַ
לעבנסלענגלעכן בונדיסט,,, רייד.

אומבונטעווען זיך — אוטוו. ־טעווע זיך אום,
זיך ~געבונטעוועט. אַ לענגערע צײַט אָדער

אומבוצקען זיך

פֿון צײַט צו צײַט זיך בונטעווען, אַרויסטרעטן
קעגן אַן אָנגענומענעם סדר. „די אַרבעטער
בונטעווען זיך אום, זיי זײַנען ניט צופֿרידן
מיט די פֿאַראָנדקעס אין פֿאַבריק“.
אומבוצקען זיך — אוטוו. קזוו. ־קע זיך אום,
זיך ~געבוצקעט. אומשטויסן זיך. א, זיך ווי
צוויי נאַרישע בעק ־עניש ־ערײַ.

. .

אומבורטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~
געבורטשעט. אַ לענגערע צײַט אָדער פֿון צײַט
צו צײַט בורטשען; אַרויסזאָגן אומקלאָר, מיט
אומצופֿרידנקייט. אַרומגיין אַ ברוגזער און א,
ווי אַ בער. ־עניש.
אומבושעווען — אוטוו. ־שעווע אום, ~
געבושעוועט. אומווילדעווען. שטורעמען, ברויזן
אַ לענגערע צײַט. “באַנדעס רוצחים בושעווען
אום אין דער געגנט“.
אומבהסד — [...בעכעסע] אַדוו. אָן (גאָטס)
חסד. „הײַנט איז זי א', די שׂררה!“, יוסף הערץ,
אסתּר אָדער די בעלאָהנטע טוגענד פֿיורדא

,

.1828
אומבטוה — [...באָטואַך] דער, ־ים [...בעטו'־

כי□]. סוחריש. ניט־פֿאַרלאָזלעכער; דער וואָס
מע קען ניט זײַן זיכער אַז ער וויל בּאַצאָלן,
האַלטן וואָרט. „ער האָט שוין איין מאָל
אָנגעזעצט, איז ער בּחזקת א',„ פּבּ.
אומבּטהון — [...בּיטאָכן] דער. מצ נבּ. ניט
קיין פֿולער צוטרוי, ניט־גאַנצער בּטחון. „קומען
שאלות — ק□מען ספֿקות, און וויבּאַלד ספֿקות
איז שוין א'“, רייד. ־דיק — אַדי.
אומבּטלניש — [...בּאַטלאָניש] אַדי. וואָס איז
ניט אויף אַ בּטלנישן אופֿן. פֿירן געשעפֿטן א'.
א'ער שמועס. ־קייט.
אומבּטלען — [...בּאַטלען] אוטוו. בּטל אום,
~געבּטלט. אַ לענגערע צײַט אַרומגיין ליידיק,
זײַן אַ בּטלן. א, אַ פּאָר יאָר אין בּית־מדרש.
א, איבּער די גאַסן.
אומבּיבּליש — אַדי. וואָס איז ניט אין גײַסט
אָדער לויטן אופֿן פֿון דער בּיבּל (ניט־ייִדישער
נאָמען פֿאַרן תּנך). „דאָס א'ע אין אים איז דער
שורש פֿון נאָך אַ ליבּע זײַנער,„ שנ, וועגן
יודישע שרײַבּער.
אומבּיגאָטיש — אַדי. ניט־פֿאַנאַטיש.
טאָלעראַנט. דאָס א'ע דולדן אַ צווייטנס מיינונג.
־קייט.
אומבּידעווען (זיך) — אוטוו. ־דעווע (זיך)

אום, (זיך) ~געבידעוועט. אוקר. זיך אָנמאַטערן, אַרומוואַלגערן זיך; אַ לענגערע צײַט לעבן אין נויט. א, זיך אויף די עלטערע יאָרן.

אומביטשעווען (זיך) — ← אומבידעווען (זיך).

אומבייג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אומבייגן. 2. אָרט וואו עפּעס בייגט זיך. „ווערט מײַן אומרו נאָך העלער צעצונדן אויפֿן א, פֿון יעדן ראָג" פּײַנ, גרויסשטאָט.

,

אומבייגזאָם — אַדי. דטשמ. נר. ←

אומבייגיק, אומבייגעוודיק. „דער ייִד, דער א'ער קעמפֿער פֿאַר דער ווערדע פֿון יחיד„, יג, צוק. ־קייט — „אי צוליב זײַנע לײַדן, אי צוליב זײַן ברוטאַלער אָפֿנהערציקייט און א'„, טמז, 29 1 19 X.

537

א 'מביי'גיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט בייגן. א'ע צווײַגן. א'ער שטאַם. א'ע אײַזערנע שטאַבע. א'ער כאַראַקטער. „ווי נאָר עס איז געקומען [צו] אַ...פּרינציפּ, איז עס געווען האַרט ווי שטיין און א,", ימ, שמעון דובנאַוו.

אויך: ~בייגלעך — „מיליאָנען א'ע
פֿאַנאַטיקערס“, לע, טמז, 18 1964 III. ־(י)קייט
— „פּרץ ווײַזט דאָ אַרויס זײַן אומבייגיקייט
און שטאָלצקייט“, ימ, ייִבל III ▯ יXX.
אומבייגן — טרוו. בייג אום; ~געבויגן,
~געבייגט. אײַנבייגן, איבערבייגן. א, אַ צווײַגל.
אויך מיט ז י ך. „מע מוז נזהר זײַן ווען מע
בייגט אום אַ פֿאַס דאָס דער ווײַן אין איין
אַנדער כּלי אַרײַנרינען זאָל, זאָל קיין עכּו„ם
ניט העלפֿן א',„ ר, מ. הלוי הורוויץ, ספֿר
פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866 ־ונג ־ער —
. .
תּי פֿאַרטײַטשט 'ושלחתּי־לו צעים וצעהו, (ירמיה,
מח, 12): „און איר ועל שיקן צו אים א'ס און
זיי ועלן אים אומבייגן„.
אומבייגע(וו)דיק — אַדי. 1. וואָס לאָזט זיך
ניט (גרינג) בייגן. אַן א'ער כאַראַקטער. „שמואל
איז געווען שאולס צווייטע פּערזענלעכקייט, די
אויסגעהאַלטענע באַפֿעלערישע,
אומבייגעוודיקע,„ אפֿא, נעטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש.
2. גראַמ. וואָס מע דאַרף ניט בייגן לויט
בייגפֿאַלן; אומדעקלינירלעך. למשל: דער
ווילנער מאַן, צום ווילנער מאַן. „אַן
אינטערעסאַנטער פּרט. אַלמניזעסינר איז א,: צו דײַנס

אַלטגיזעסינר, פּונקט ווי מיר זאָגן 'צום ריַיזנדער,,
ניט ,צום ריַיזנדן'“, בּ. שלאָסבּערג, ייִבל III ,
3־4. ־יקייט.
אומבּיַיט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אומבּיַיסן.
א, פֿון קאָסטיומען. א, פֿון געפֿאַנגענע. 2. אַקט
פֿון ווערן אַנדערש פֿון איבּערגיין אין אַן
,
אַנדער פֿאָרעם פֿאַר מיר איז דער וואונדער
— .
פֿון וואונדערס געשען, דער א, פֿון סויזנטער
יאָרן: איך האָבּ מיט די אויגן געזען אַ פֿאָלק
ניַי־געבּאָרן,,, אַל. ,,איז פֿאָרגעקומען אַ
לינגוויסטישער א, וואָס האָט געבּראַכט דערצו אַז
דער נאָמען אַרמעניע...איז אויפֿגענומען
געוואָרן פֿאַר omania [, קאַס, ייִשפּ III י1, X.
3. דאָס וואָס קומט אַנשטאָט (אויפֿן אָרט)
פֿון אַן אַנדער זאַך. ,,און אויבּ אומבּיַיטן וועט
ער אומבּיַיטן אַ בּהמה פֿאַר אַ בּהמה, זאָל אי
זי, אי איר א, זיַין הייליק“, תּי, ויקרא, כז, 10.
,,יעדער פּיאָנער גרייט זיך צו זיַין אַ געזונטער
א, פֿון זיַינע עלטערע חבֿרים,,, ע.
מעשטשינסקי, פּיאַנער היט דיַין געזונט, מאָסקווע 1932.
,,בּאַשאַפֿן איז מיַין וואָרט אין א, פֿון די היַינטן“,

סוצ פֿײַערוואָנן.

,

4. יעדער מין שינוי. ״אָבער [אי] האָט דער גליקלעכער א, אין זײַן לעבן ניט געבראַכס קיין נחת,,, זשיט I, נ״י 1912.

5. שיכט, וואַכטע; גרופּע וואָס אַרבעט אַ באַשטימטע צײַט פֿון מעת־לעת. דער בײַנאַכטיקער א'. ,,האָט איין וועבשסול... אויסגעאַרבעט אין אַן אַכט־שעהאיקן א'...״, ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928.

אומבײַטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומבײַטן. ,,אויף מאָרגן אַלס מע האָט זיך אויסגעצוכעט, האָט מען זיך פֿאַר

אומבייטן זיך

-

דרייט מיט דער קליידער א',,, אמד, דער אונגיבעטענער גאַסט, ווילנע 1871.

אומבייטלעך — אַדי. 1. וואַס מע קען (דאַרף)

--

אומבײַטן. דײַטש־איד, ווב, וואַרשע 1916.

2. וואָס מע קען ניט בײַטן (דעקלינירן).

,,וואו די קירצערע פֿאָרמעס ניצט מען אין

פּרעדיקאַט...צוזאַמענגעשטעלטן מיט אַ הילפֿסווערבּ
און דאַן בּלײַבּן זיי א, פֿאַר אַלע דרײַ מינים“,
יאי, ייִפֿא, 1939, 1. —קייט.
אומבּײַטן — טרוו. בּײַט אום, ~געבּיטן. 1.
איבּערבּײַטן. א, די זיצפּלעצער. א, די ראָלן. א,
די וואַך. “בּרענג געשווינד דײַן זון דעם
בּאַשניטענעם, איך וועל דיר אים א, אויף מײַן זון
דעם אומבּאַשניטענעם“, צ. נ. גאָלאָמבּ, דער
פֿערבּאָטענער בּרית, ווילנע 1894. א, דעם
נאָמען. „די סקווירער חסידים...האָבּן אָנגעהויבּן
אונטערמורמלען אַז דער נאָמען פֿונעם
בּיתהמדרש דאַרף אומגעבּיטן ווערן„, הרבֿ לוי
גליקמאַן, זכרונות בּית לוי, קעשענעוו 1934.
*א, די האַנט = לאָזן עמעצן זיך אָפּרוען און
פֿאַרטרעטן צײַטווײַליק בּײַ אַן אַרבּעט.
2. אויסבּײַטן, צעבּײַטן. א, אַסיגנאַציעס.
*א אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע = מאַכן אַ שלעכט

,

געשעפֿט, אָפּגעבּן אַ גוטע זאַך און קריגן אַ
שלעכטע. *א, אַ שלורע אויף אַ לאַפּטשע =
בּײַטן איין זאַך אָן אַ ווערט אויף אַ צווייטער
אָן אַ ווערט; קיין זאַך ניט אויפֿטאָן.
3. איבּעראַנדערשן, מאַכן (אינגאַנצן)
אַנדערש. א, דאָס אויסזען, דעם תּוך פֿון עפּעס.

,,אַז ייִדן האָבן אים געגעבן ווײַסע גאַלקעס [בײַ די וואַלן], האָט ער אומגעביטן זײַן מיינונג,,, ייִפּאָל, 21 1867, No. ,,די השׂכּלה־ביכלעך האָבן גענומען אויף זיך אַ שליחות אומצובײַטן...,,,...
שנ. לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ,,עס קען דער מענטש זײַן קול נישט א',,, ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו. *א, דאָס האַרץ = ווערן בעסער, האָבן חרטה אויף שלעכטס (קען אויך זײַן פֿאַרקערט: צום שלעכטן). "זאָל דער אייבערשטער א, זײַן האַרץ צום גוטן", אַנטאָן לוריא, 'צוואָה', ייִבל 5 ,XIII־6. *א, דעם גזרדין = דורך תּפֿילה, צדקה און תּשובֿה משפּיע זײַן אַז דער גזר פֿון הימל זאָל ווערן אַן אַנדערער, אַ בעסערער פֿאַרן מענטשן.
4. מאַכן אַן ענדגילטיקן חילוף: געבן, שיקן אדגל איינס אויפֿן אָרט פֿון עפּעס אַנדערס. א, אַ ציג אויף אַ באָק, אַ שעפּס אויף אַ בגד.
5. שאַפֿן עפּעס פֿון איין געשטאַלט אָדער פֿאָרעם אַן אַנדערע. ,,תּיכּף אין אַ ווילדע ענטל האָבן זיי אים אומגעביטן", יהואַש, הײַאַוואַטא.
6. אויסטאָן איין מלבוש און אָנטאָן אַן ענלעכן; בײַסן אומרייניס אויף ריינס. א, די לײַלעכער. ,,עס איז זייער גוט...אָפּט אומצובײַטן ווײַסגרעט,,, מלכּה בערלאַנט, די גליקלעכע

מוטער, ווילנע 1836.

7. דזוו בײַטן. „די האָט באַמערקט אַז זי האָט אַ ביסל פֿאַרטשעפּעט די ווײַבערשע סטרונקע, דה האָט אָנגערירט די יאָרן, האָט זי אומגעביטן דעם געשפּרעך“, מ. טאמאַראָוו, אַ געשפּרעך פֿון צוויי ווײַבער אויפֿן פֿרימאָרגן, מאָזיר 1913.

אומבײַטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אויסזען אַנדערש. „דו האָסט זיך ניט אומגעביטן אין די צען יאָר וואָס איך האָב דיך ניט געזען„.

או'מבײיטע'וודיק

-

„כ'האָב דערקענט דיך, ליבע שטעטל, האָסט זיך פֿיל ניט אומגעביטו“, אַר, 'מײַן צוריקקער אַהיים'.

2. ווערן אַנדערש. „ער האָט זיך גאָר אומגעביטן: געוואָרן רואיקער, באַטראַכטער„. „נאָר עס איז דאָך צו האָפֿן...אַז זי זאָל זיך אינגאַנצן אומבײַטן„, חובֿבֿ, איין נײַע מעטאָדע ווי ניך קראַנק צו ווערדען, ווילנע 1884. „אפֿשר האָט זיך דער דיכטער אַליין אומגעביטן, און ער זעט דאָס ייִדישע לעבן אַנדערש ווי אַמאָל“, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II.

3. באַקומען אַן אַנדער פֿאָרעם. „אָבער ווי די צײַט האָט זיך אומגעביטן אויף די צײַטן פֿון מבול, האָט זיך די מענטשלעכע נאַטור אויך איבערגעביטן“, ממוס, 'שם און יפֿת'.

4. מגולגל ווערן, פֿאַרוואַנדלען זיך (דורך כּישוף אָדער אין אַן אַנדער פֿאַזע פֿון נאַטירלעכער אַנטוויקלונג). א, זיך פֿון אַ מענטש אין א (פֿערד פֿראָש אאַ). א, זיך פֿון אַ לאַרווע אין

—
,

אַ פֿלאַטערל.

או'מבײַטע'ודיק — אַדי. וואָס מע קען ניט אומבײַטן. א'ע סיטואַציע. אַן א'ער באַשלוס. ־יקייט.

אומבײַטעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). דזוו אומבײַט, אומבײַטעניש. לד — בײַטעם פֿון ביטול. אַן א, פֿון אַ פֿאַרפֿוילט עפּעלע אויף אַ פֿארשטונקן איי ־עניש — „צוליב וואָס אַן

—
.

א, אינמיטן דערינען?“, רייד.

אומבילדונג — די. מצ נב. 1. נעאָל. שלעכטע בילדונג. 2. פֿאַרבעסערטע בילדונג. דרייזין. (נ□).

אומבילדן — טרוו. בלויז אינפֿ. דרייזין. [נר]. איבערדערציִען, געבן אַן אַנדער מין בילדונג.

אומבילדעריש — אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך
קײן בילד(ער). ריידן, שרייַבן א'. ־קייט.
אומביליך — אַדי. אַרכ. ניט־פּאַסיק, ניט־
ווערדיק. „ער עש פֿאַר אום ביליך הילט, ווען ער
אויש דעם ראַט עטווז שווענצין [= פּלאַפּלען]
זעלט„, 'שילדבורגר זעלצאַמי אונ, קורצווייליגי
גישיכטי', [אַווע III].
אומביליכקייט — די, ־ן. אַרכ. ← דפּוו. „ער
האָט גישריאַן איבר דיך אום ווילן דיז רויב
אונ, דער אונביליכקייט“, יוסיפֿון, אַמשט 1661.
„ליבר בטראַכטיט אייער אונביליכקייט„, מראות
הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718.
אומבינדן — טרוו. בינד אום, ~געבונדן.
אַרומבינדן, איבערבינדן. א, אַ פּעקל פֿון אַלע זייַטן.
א אַ וואונד. „דע . גאַשׂט האָט אום זיך אום
,
גיבֿונדן לייַליכר אונ, ציכן„, בראַנט.
אומבכבֿודיק — [...בעקאָ'ווער..] אַדי.
ניטבכבֿודיק. זיך אויפֿפֿירן א'. „וואָס ווילן זיך
לאָזן אויף דעם א'ן וועג פֿון פֿאַרשווינדן„,
שטריגלער.
אומבכוהדיק — [...בעקוי'אַכ...] אַדי. וואָס איז
אָן כוח. אימפּאָטענט. א'ער מאַן. א'ע
פּרווּוועניִשן. ־יקייט — „די א, צו באַזײַטיקן די

אומצופֿרידנקייט,,, בּרידער גאַרדין, 1914.
אומבּביוונדיק — [...בּעקי'וונ...] אַדי. וואָס איז
ניט־בּכּיוון. א, רעאַגירן. א'ער פֿאַרבּרעך. ,,דער
צווייטער דאָקומענט מאַכט ספּעציעל חוזק פֿון

538

די א'ע אונטערשטיצערס פֿון נאַציזם,,, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן. ־יקייט — נישט קיין
טעות, נאָר אַן א'.
אומבּלאַמירט — אַדי. ניט־דיסקרעדיטירט.
ניט־בּאַפֿלעקט. ניט־בּאַשולדיקט. אַרויסקומען פֿון
דעם שמוציקן בּלבּול א'. ־קייט.
א שבּלאָנדזש — וטוו ־דזשע
ען .
ן, ~
בּלאָנאום, ~
געבּלאָנדזשעט. אויך ~בּ אָנדז(י)ע
דען. 1. אַרומבּלאָנדזשען, אַ לענגערע צײַט
זיך בּאַוועגן אויף אַ ניט־ריכטיקן וועג. א,
אין וואַלד, אין דער פֿאַרשנייטער וועלט.
,,און [הגר] האָט אומגעבּלאָנדזשעט אין דער
מדבּר פֿון בּאר־שבֿע", תּי, בּראשית, כא, 14.
2. אַ לענגערע צײַט זיך בּאַוועגן אָן אַ ציל.

„און א, זאָלסטו צווישן די חורבֿות“, שע, אין שטורעס. „אַזוי האָב איך אַלץ אומגעבלאָנדזשעט, ביזוואַנען דער הערבסט איז געקומען“,

אַר, 'עס האָט מיך דער פֿרילינג....,.

3. סתּם זיך טראָגן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. דער ווינט בלאָנדזשעט אום אין פֿעלד. „עס בלאָנדזשעט אום אין לופֿט זײַן קלאַנג, זײַן וואָרט, זײַן אָטעם„, לאַפּין, צייכנס. „אין מײַנע לידער רוישן אַלע גאַסן נאָך פֿון וואַרשע, דורך אַלטשטאָט־געסלעך בלאָנדזשעט אום מײַן בליק נאָך אַלץ פֿאַרליבט“, רובֿ, חורבן פּוילן.

4. אומבאַטראַכט אָדער צופֿעליק אַריבערגיין פֿון איין מיינונג צו אַ צווייטער. זיך וואַרפֿן פֿון איין ריכטונג צו אַ צווייטער. א, אין פּאָליטישן דענקען. א, צווישן פּאַרטייען.

5. ניט וויסן, ניט געפֿינען דעם ריכטיקן וועג (בײַם שטודירן אָדער אין פֿאָרמען פֿון קוגסט). א, אין דער וויסנשאַפֿט, אין מאָלערײַ.

־עניש — אַן א, אָן אַ ציל. ־ער. ־ערײַ.

אומבלאָנקען — אוטוו. ־קע אום, ~ געבלאָנקעט. אויך מיט ז י ך. 1. דזוו אומבלאָנדזשען. „אַפֿילו ווינטער אין די גרעסטע פֿרעסט א, זיך אין די אַלייען נעבן די אַלטע...פּאַלאַצן„, צ.

הירשקאַן, ניט הינטער אַ פּלויט, בערלין 1922.
„אין נצרת האָב איך אומגעבלאָנקעט אין אַ שאָטן וואָס איז פֿרעמד און קאַלט„, אפּא, גילדענע שקיעה.

2. אַרומוואַלגערן זיך. „דאָס קינד פֿאַרשיקן אין אַלדי שוואַרצע יאָר, ער זאָל זיך א, אין דער פֿרעמד...אַבי ניט קיין סאָלדאַט“, קמ, 48 No., l865. „זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, מוז דער טאַטע א, זיך פֿון איין קינד צום אַנדערן„, רייד.

3. וואַנדערן אָן אַ ציל. „האָט די עלנטע נשמה קיין תּיקון ניט געהאַט און זי איז צוריק געקומען און האָט זיך אומבלאָנקעט אויף דעם עולם־התּהו“, מע□ה צדיקים, טשערנאָוויץ [יאָר?].

4. זיך באַוועגן הין און צוריק. „די גרויסע שיף האָט זיך אומגעבלאָנקעט אויף דעם יאַקאָר [= אַנקער]“, שמעון וואָלצענאַק, די פֿאַרלאָרענע קינדער, וואַרשע 1882. ־עניש. ־ערײַ.

אומבלוטיק — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבלוטיקט. „איך וואָס קלאַפּ אין שערי־רחמים מיט די א'ע הענט“, בראָד, אויסגעקליבענע שריפֿטן.

2. וואָס איז אָן בלוט. א, אומברענגען — דורך פֿײַער.

אומבּעלעטריסטיש

אומבּלוטיקן — אוטוו. ־טיק אום, ~

געבּלוטיקט. כּסדר בּלוטיקן. א, פֿון די וואונדן. „די מעשׂה בּלוטיקט אום אַ גלוטיקע“, אַל I.

אומבּלוקײַען (זיך) — אוטוו. ־קײַע (זיך) אום, (זיך) ~געבּלוקײַעט. סל. דזוו (זיך) אומבּלאָנקען. „קורץ און גוט, איך האָבּ אומגעבּלוקײַעט אין די פּאַריזער גאַסן און בּולוואַרן“,

ראו ׳ בּרײַנין, שריפֿטן, וואַרשע תּר„ע. אויך: ~בּ וקענייען — „איז...אַרויס אַ בּיסל אין

־

שטאָט אום זיך...בּאַקאַנט צו מאַכן מיט אירע גאַסן, האָט זיך אין איר אומגעבּלוקענײַעט אייניקע שטונדן“, אמד, פֿייגעלע די עגונה, ווילנע 1875.

אומבּליאַסקען

— ׳ יאַש ׳ ז.

אומפֿינקוטוו. ־ ע אום, ~

געבּל אַסקעט. פּפֿ: ~בּ

י

לען; שימערירן. בּליאַסקען פֿון צײַט צו צײַט. א, מיט אַ בּאַטאַרייקע. „אַ שמעטערלינג בּליאַשקעט אום גרין אין די שטראַלן„, אַל II.

־עניש.

אומבּליצן — אוטוו. בּליץ אום, ~געבּליצט.
1. בּליצן אַ לענגערע צײַט. אויך פֿיג. א, מיט שאַרפֿזין. 2. ווי אַ בּליץ גיך זיך בּאַוועגן אַהין און אַהער. „ווי האָט ער אומגעבּליצט פֿון אָרט צו אָרט, שטורמער און פֿאַרניכטער“, אַל,

אומבּל □ □. פֿ □
י — אוטוו. בּליק זיך אום, זיך
'אין ש ט דורות'. ־עניש.
□ י
~געבּליקט. אומקוקן זיך; אַרומקוקן זיך.
„זי האָט זיך אומגעבּליקט, וואו בּין איך? האָט זי אַ געשריי געגעבן„, נטה גליק, ר, מנחם אַלטאַרוער, ווילנע 1879. ־עניש.

אומבּלעטע□ו — טרוו. ־ער אום, ~
געבּלעטערט. איבּערמישן אַ בּלאַט, דף. א, די זײַטן פֿון אַ בּוך.

אומבּנאמנותדיק — [...בּענע(ע)מאָ'נעס...] אַדי.
אומערלעך; וואָס האַלט ניט קיין וואָרט, קיין שבֿועה. א'ער אָפּנאַרער. ־יקייט.

אומבּנימוסדיק — [...בּעני'מעס...] אַדי. תּח.
ניט ווי עס איז אָנגענומען; וואָס איז אָן דרך־ארץ; אומקולטורעל. א, זיך אויפֿפֿירן, רעדן אאַזוו.

־יקייט.

אומבּנעימותדיק — [...בּעני'מעס..] אַדי.
ניט־געלאַסן; וואָס איז ניט גענוג רואיק, ניט
איבּערגעלייגט; וואָס איז ניט בּניחותא. א'ע רייד.
־יקייט.

אומבּעבּען — אַקוזוו. ־בּע אום, ~געבּעבּעט.
אַ לענגערע צײַט ריידן אומפֿאַרשטענדלעך,
אומקלאָר. א, און אָנבּעבּען און ניט קענען זאָגן
וואָס מע וויל. ־עניש.

אומבּעטלען — אוטוו. ־טל אום, ~געבּעטלט.
בּעטלען אַ לענגערע צײַט, אין פֿאַרשיידענע
ערטער. א, איבּער דער גאַנצער געגנט.

אומבּעלי־בּתיש — ← אומבּאַלעבּאַטיש.

אומבּעלי־בּתעווען — ← אומבּאַלעבּאַטעווען.

אומבּעל־מלאָכהש — [...בּאַלמעלאָכיש] אַדי.
וואָס איז ניט לויטן שטייגער פֿון אַ
בּעלמלאָכה; אומקאָמפּעטענט, אומפּראָפֿעסיאָנעל.
פֿאַרענדיקן אַ שטיקל אַרבּעט טאַנדעט, א'.
־קייט.

אומבּעלעטריסטיש — אַדי. וואָס איז ניט
ווי בּײַ אַ בּעלעטריסט; וואָס איז ניט ווי עס

אומבּעלעמעטשען

איז אָנגענומען אין בעלעטריסטיק. א'ע,
פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אײַנזאַצן אין ראָמאַן.
־קייט.
אומבּעלעמעטשען — אַקוזוו. ־טשע אום,
~געבּעלעמעטשעט. 1. דזוו אומבּאַלעמוטשען
←. 2. דזוו אומבּעבּען ←.
אומבּענדיק — אַדי. אַרכ. טוו פֿאַר 'סורר'.
מלל פֿאַרטײַטשט 'כּי כּפֿרה סוררה סרר ישׂראל,
(הושע, ד, 16): „און בּענדיג“ [תּי: “
ווידערשפּעניק„]. „איין ווײַבּ אים הורן שמוק...ווילד
אונ, און בּענדיג“, משלי בּלשון אַשכּנז, פֿפֿדמ
.1713
אומבּעקען — ־קע אום, ~געבּעקעט. אוטוו
— אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבּן קלאַנגען בּע־בּע
(וועגן אַ ציג, אַ שעפּס). טרוו — כּסדר (אַרויס־)
זאָגן עפּעס אומקלאָר, נעבּעכדיק. א, די זעלבּיקע
ווערטער. ־עכ□ן. ־עניש.
א
(a□□bןn□ו). ־]. □ר. מצ □יר־שטאָף. טרעפֿט
ומבּער 1 — ד   בּ. < איי < ל
רוינער קאָ
זיך אין פֿאַרשיידענע שאַטירונגען אונטער די
נעמען טערקישער אָדער קיפּרישער א, און

קעלנער, קאַסעלער א., א, העלפּט ר . שטאָף דוצירן די
שאַרפֿקייט פֿון אַנדערע קאָלירן.
(אײַזן־אָקסיד) וואָס פֿון דעם ווערט געמאַכט א,־פֿאַרב.
אומבער [1 — דער, ־ס. פֿויגל פֿון דער פֿאַ..
מיליע Ar(1ei)
ענלעך צו אַ בושל.lae
לעבט אין אַפֿריקע.
מיט אַ געדיכטן
אָנוואוקס פֿון פֿעדערן
אויפֿן קאָפּ, מיט אַ
לאַנגן פֿאַרשפּיצטן
שנאָבל. קאָליר פֿון
פֿעדערן — ברוין.
נערט זיך מיט
קליינע פֿישלעך און מיט חיהלעך פֿון דער יבשה.
בויט קונציק זײַן נעסט. קלענערער מין די
גרייס פֿון אַ קראָ, מיט אומבער־פֿעדערן —
.seo] us unו])retta
אומבפֿירוש — [...בעפֿיירעש] אַדי. וואָס איז
ניטאָ אין טעקסט; אומדירעקט. אומקלאָרער,
א'ער אָנווײַז. אויך: ־דיק. ־דיקייט.

אומבצניעות(דיק) — [...ביצניִעס...] אַדי.
דזוו אומצניעותדיק. אַן א, אויסטאָן זיך. „דיא זיך אין נדה אום בצניעות האַלט פֿר איר מאַן“, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796.

אומבקיאות — [...בעקיְ'עס...פּקיְעס] די (דאָס), ־ן. דאָס ניט־גרינטלעכע, אויבנאויפֿיקע קענען. אַרויסווײַזן א, אין אַן ענין, מלאָכה ־קייט.

.

אומבראַ — די, ־ס. <ל = שאָטן. 1. שאָטן פֿון די ווײַזערס אין אַ זונזייגער. 2. (אַסטראָנאָמיע) שאָטן פֿון דער לבֿנה בײַ אַ ליקויחמה אָדער פֿון דער ערד בײַ אַ ליקוילבֿנה. 3. קערן, טונקלסטער טייל פֿון אַ זונפֿלעק.

אומבראָדזשען — אוטוו. ־דזשע אום, ~ געבראָדזשעט. אויך: ~בראָד(ז)יען. 1. אַ לענגערע צײַט גיין דורך זומפּ, וואַסער, זאַמדן, שנייען אע מיט אײַנגעזונקענע טריט. „ער בראָדיעט אום אויסגעווייקט פֿון רעגן, דורך

די בלאָטיקע גאַסן„, יד, יאָסעלע. 2. זיך אַרומדרייען (אָן אַ ציל אָדער מיט אַ בייזער

כוונה). „די באַנדע בראָדזשעט אום אין סטעפּ און גרייט זיך באַפּאַלן דאָס שטעטל“. —עניש — אַן א, אין זומפּ (אין טיפֿן שניי).

אומבראַוו — אַדי אומהעלדיש; ניט איינשטעלעריש. אומבאַהאַרצט. א'ע מעשׂים. ־קייט — „יענער מאָמענט האָט געמאַכט אין מיר אַ גאַנצע איבערקערעניש אין מײַן צוגאַנג צו בראַווקייט און א„„ הל, טאָג, 1957 III י 3.

אומבראַזגען — אוטוו. ־גע אום, ~ געבראַזגעט. פּפֿ: ~דראַזגען. אומקלאַפּן, אומליאַרעמען. א, מיט פּרענטעס אײַזן. ־עניש. ־ערײַ.

אשבראָך — דער, ־ן. 1. שינוי, איבערבראָך. אַן א, אין די באַציאונגען. 2 פֿריש־ אויפֿגע.

אַקערטער באָדן. 3. רעקאָנסטרוקציע.

4. (דרוק) דאָס אויסשטעלן דעם זאַץ אין זײַטן (פֿונדאָסנײַ).

אומבראַנדזילירן (זיך) — אוטוו. ־ליר (זיך) אום, (זיך) ~בראַנדזילירט. פּפֿ: ~ בראַנדזש(י)לירן. אויך: ~ב ר אַ נ ז ע ל י ר ן. 1. שטיין בײַ אַן אַרבעט (אַרומדרייען זיך אַרום איר) אַ לענגערע צײַט און ניט טאָן. 2. אַרומטרײַבן זיך. 3. קזוו. אַרומנעמען זיך, צערטלען זיך. זיך באַהאַלטן הינטערן טויער

און א, זיך.
אומבראַנדעווען — אוטוו. ־דעווע אום, ~
געבראַנדעוועט. אַ לענגערע צײַט אָדער אין
פֿאַרשיידענע ערטער מיט ברען זיך פֿאַרנעמען מיט
עפּעס (דערבײַ טומלען, זיך אָנשטרענגען). „וואָס
בראַנדעוועסטו אום? האָסט דאָך מער קיין
כּוחות ניט!„, רייד.
אומבראָניעווען — טרוו. ־ניעווע אום, ~
געבראָניעוועט. סל. דרייזין. באַפּאַנצערן. א, דעם
לאָקאָמאָטיוו.
או'מבּרוטאַ'ל — אַדי. ניט־בּרוטאַל (אָבער
אויך ניט גוטהאַרציק). א'ע באַציאונג צו די
געפֿאַנגענע. ־קייט.
או'מבּרוי'זיק — אַדי. ניט־שטורעמדיק;
ניטווילד. רואיק. געלאַסן. א'ער ים. א, לעבן.
אומבּרויזן — אוטוו. בּרויז אום, ~געבּרויזט.
זײַן בּרויזיק, שטורעמדיק אַ לענגערע צײַט.
אומבּושעווען. די צעוויגטע כוואַליעס בּרויזן
אום. „בּרויזט ניט אום, באַרואיקט זיך, חבֿרה!“,
רייד. ־עניש.
אומבּרויכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומבּרויכלעך. „אוהן בּרויכבּאַהר גמאַכט
באַקאָפֿען„, 'ערשטער פּראָטאָקאָל פֿון ווינער קהל',
ווין תּקמ“ד. ־קייט.

אומבּרויכלעך — אַדי. וואָס טויג ניט, וואָס מע קען ניט ניצן. ← אומגעבּרויכלעך. א'ע שטאָפּן. א'ער מאַטער אַל ־קייט.
* ׳

אומבּרוך — דער, ־ן. ← אומבּראָך.
אומבּרוקירט — אַדי. ניט־בּרוקירט. א'ע גאַסן. ,,איז אַרײַן מיט זײַן שווער־בּאַלאָדענעם וואָגן אין אַן א, געסל", אמד, מיכאל בּרינדזע, ווילנע 1876. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומבּרוקירן — טרוו. ־קיר אום, ~ געבּרוקירט. איבּערבּרוקירן; אויפּסנײַ בּרוקירן, אויסלייגן מיט שטיינער אָדער אַספּאַלטירן. א, די הויפּטגאַס.

אומבּדיש

אומבּרהמנות — [...בּעראַכמאָ'נעס] אַדוו. וואָס איז אָן שום רחמנות. ,,א, פֿאַרגעסנדיק זיך, אַז עס איז אַ צער בּעלי־חיים", ממוס, 'דער חילוף'. ,,מיר זענען: בּטוחים...נעמען צו א, בּלוטיק־פֿאַרהאָרעוועטע געלטן פֿון אָרעמע קרעדיטאָרן,,, ייִל, ספֿר הזכרונות II, קיִעוו 1882. אויך אַדי. א'ע מענטשן.
אומבּרהמנותדיק — אַדי. ← דפֿוו.

אומדערבאַרעמדיק, בייז. א'ע קעלט. „א, אויף טויט
מיט נאַהײַקעס שמײַסן" פּרוג III, אַ גוטער

, ,

האָן'. „אָרעמע שעפּעלעך זענען זיי,
איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון אַן א'ן שוחט",
זשיט II. „איז געבליבן זיצן אין א'ער
שטילקייט איינער אַליין„, ווײַס, 'דער איבערגאַנג'.
־יקייט.
אומברידערלעך — אַדי. ניט ווי צווישן
ברידער. ניט־פֿרײַנדשאַפֿטלעך, ניט־חבֿריש. א'ע
באַציאונגען. „[דער אַרבעטער] איז אַזוי א',
אַפֿילו אַכזריותדיק, צו דעם וואָס קומט ערשט
בעטן מ'זאָל אים...אַװעקזעצן בײַ אַ מאַשין...
געבן עפּעס צו פֿאַרדינען", א. גאָרדין,
יאַנאָװסקי..., ל"אַ 1957. ־קייט.

□

אומברידערשאַפֿט — די (דאָס). מצ נב.
באַציאונג וואָס איז ניט ווי צווישן ברידער;
אומפֿרײַנדשאַפֿט. „די טראַגיק פֿון א'", הל,
טאָג, 7 1944 II.
אומבריהן זיך — [..בע'ריען...] אוטוו. בריה
זיך אום, זיך ~געבריהט. אַ לענגערע צײַט
אַרבעטן מיט התמדה. אַרבעטן ווי אַ בריה;
(פּרוּוון) אַרויסווײַזן געשיקטקייט. א, זיך בײַ

אַ קונציקער אַרבעט.

אומבריהש(דיק) — אַדי. וואָס איז ניט ווי
אַ בריה. אַן א, שטיקל אַרבעט. ,,געוואָלט האָב
איך גאָר ווײַזן ווי אומבריהש מיר זענען,,, יג,
טמז, 26 1957 I. ־(די)קייט.

אומבריגע — די, ־ס.. ־ >. גרויסער פֿיש
אין טראָפּישע
וואַסערן, מיט
גאָלדקאָליר און בלויע
פּאַסן, ביז צוויי פֿוס
אין דער לענג און
ד ג ביז 40 פֿונט. געשמאַק צום עסן.
. mb]ו..
י וו

(1()]נI

אומבריע — גנ. געגנט, פּראָווינץ אין
מזרחצפֿונדיקן טייל פֿון צענטראַל־איטאַליע.

אומבריער — (אַמאָליקער) אײַנוואוינער פֿון אומ
בריע.

אומבריקען — טרוו. ־קע אום, ~געבריקעט.
1. כסדר, אַ לענגערע צײַט בריקען פֿון איין
אָרט צום צווייטן. א, די פּילקע גאַנ ע טעג.

2. אַ סך מאָל שטויסן, קלאַפּן מיט די פּיס.
א, מיט די שטיוול דעם אַרעסטירטן. אויך
מיט ז י ו = אָנמאיידל. אויסדריקן
אומצופֿרידנקייט; זיך וואַרפֿן. זײַן צו שטאַרק
איבערקלײַבעריש. זיך א, מיט עסנס, מיט דינסטן.
זיך א, ווי אַ צעספּוזשעטער פֿערד. ־עניש.
אומבריש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו
אומבריע, צו אומבריער. א'ע ש ו ל — ריכטונג
אין מאָלערײַ (פֿון 13. ביז 16. י״ה) וואָס האָט
זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע מײַסטערס פֿון
מיניאַטור־פּאָרטרעטור. ד אָ ס — די שפּראַך פֿון
די אַנטיקע אומבריער.

אומברכה

אומברכה — [...בראָכע] די, ־כות. דזוו קללה
(אָבער ווען מע וויל ניט אַרויסברענגען אָט
דאָס וואָרט). „איך זאָג אײַך, עפּעס אַן א,
שטעקט אין דעם“, רייד (עלטערע פֿרוי פֿון
זשעלודאָק, גראָדנער גוב').
אומבר־מזל — [...באַרמאַ'זל] דער, ־ס. ווג נב.
ווער ס'איז ניט מזלדיק (ווען מע וויל ניט
אָנרופֿן שלימזל). אַ קינד אַן א'.
אומבר־מזלניק — דער, ־עס. ווג ־ניצע, ־ס.

דזוו דפֿוו.

אומבּרע 1 — די. מצ נבֿ. 1. דזוו אומבּער I
←. 2. (סטאָליערײַ) בּרוינע פּאָליטור. "בּײַם פֿאַנירן...צוגעבּן א', קאַסעלער בּרוין", בּער.

אומבּרע 11 — די, ־ס. פּפֿ: אומבּראַ.
קליינער פֿיש פֿון דער
לאַקס־פֿאַמיליע, מיט
גרויסע פֿלוספֿעדערן.
לעבּט אין טײַכן און
אָזערעס אין
דרוממזרח־אייראָפּע [בּאַליבּטער שבּתדיקער מאכל פֿון
ייִדן אין בּאַסיין פֿון דונײַ, אויך אין בּעס און
פּאָד] און צפֿון־אַמעריקע. "זאַל מן זיא בּרויכן
מיט גוטה גישמאַק...מייארן און אומבּרא,,,
נייאי תּחינות ובקשות, זולצבּאַך 1735.
. ame a l (m1]ו־.

אומבּרעג — דער, ־ן. נעאָל. דאָס וואָס האָט
ניט קיין בּרעג, קיין גרענעץ. ,,דו בּלינדער
ערגעץ, דו שטומער עפּעס...פֿאַרגלייבּט,
פֿאַרטרויט כ'האָבּ אײַערע א'ן", פּמ, סתּם.

אומבּרעכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.
. דוווו.

אומבּרעכ יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט (צע)בּרעכן. א'ע כּלים. א'ער

ווידערשטאַנד ־(י)קייט.

.

אומבּרעכן — טרוו. בּרעך אום, ~געבּראָכן.
איבּערבּרעכן, צעבּרעכן, צעקלאַפּן אויף
שטיקער. „דאַרום איז עשׂ אָסור צו בּרעכן אַן שבּת
די חתימות, דיא מיט וואַקס גימאַכט זײַנן...
דאשׂ איז אָסור אום צו בּרעכן„, לט1, פּ/א. *א,
די זײַטן = (דרוק) פֿונדאָסנײַ אויסשטעלן
זײַטנווײַז. ־עניש.
אומבּרעכער — דער, ־ס. (דרוק) ווער עס
שטעלט אויס דעם זאַץ אין זײַטן. בּרעכער;
מעטראַנפּאַזש.
אומבּרענבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומבּרעניק ←. „האָט דערפֿונדן אַ שטאָף, וואָס
מאַכט א אַלע זאַכן וואָס ווערן דורכגעווייקט

,

אין דעם דאָזיקן שטאָף„, סאָוו צ, [נש, ישפּ,
3 (10)]. ־קייט.
אומבּרענג — דער, ־ען. אַקט פֿון אומבּרענגען.
פֿאַרטיליקונג. א, פֿון די זעקס מיליאָן. א, פֿון
דער ייִדישער קולטור. „אינסטינקט פֿון
צעשטערונג און א‟, צײַט, טמז, 1 1956 II. „פֿון
דרויסן א, קאַלטער, בּייזע זאַווערוכעס„, לע,

טמז, 18 1963 XI. ,,האָט ספּעציעל אויסגעטיילט
פֿאַר א, די באַוואוסטזיניקע ייִדישע עלעמענטן,,,
יג, טמז, 1964 ◌י5 I. ־ונג.
אומבּרענגלעך — אַדי. נעאַל. 1. וואָס מע
קען אינגאַנצן קאַליע מאַכן אָדער וואָס קען
קאַליע ווערן. א'ע גרינסן, גיטער. 2. וואָס

מע קען אומבּרענגען (אָן אַ צו גרויסן
שאָדן פֿאַר עפּעס אַ ציל). אַן א'ער אָפּטייל פֿון
דער אַרמיי. ־קייט.
אומבּרענגעד — טרוו. בּרענג אום, ~
געבּראַכט. פּד: ~געבּרענגט. 1 פֿאַרטיליקן,
.
פֿאַרניכטן; אויסראָטן; אויסהרגענען. ,,און האבּן
גזאגט לפּי תּומם...וויא מאָסקוויטיר האבּן פֿיל
סוחרים אום גיבּראַכט'', 'שו''ת מהרש''ל',
לובּלין 1599. ,,דאז זאָל איטליכר ווישׂן וויא משה
רבּינו ע''ה דען מצרי אום גיבּראַכט,,, אַריה
ליבּ בּר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים,
פֿיורד◌ 1725. ,,ר, סענדר האָט פֿון דעם הערציג
פֿון לוטרינג גבּראַכט דז קיין יהודי זאָל ווערן

אום גיבּראַכט‟, אַהרן בּר, יוסף, 'איין שין נײַא
ליד פֿון אופֿן', פּראָג תּמ‟ח [II, 1937, □ □)M]־
‟דעז בּפֿעהל פֿון מײַן רוסיש קייסרין ווײשׂטו
וואָהל...יהודים אום צו בּרינגן‟, מעסtה אומן.
„דעם בּית־המקדש חרובֿ געמאַכט און די כּהנים
אומגעבּראַכט‟, אַגפֿ, בּר כּוכבֿא.
2. דערהרגענען. „גלײַך אַז איין שווערט
מאַכיר דען אַנדרין דער מיט אום צו בּרענגין
אונ, ווערד אָפּט זעלבּשׂט דער שטאָכין מיט
זײַנר אייגיני גימאַכטי קלינגין„, צוכט. „ר,
יצחק זאָגט: מאותו שעה דז קין האָט אום
גיבּראַכט הבֿל...האָט זיך אָדם פּורש מאשתּו
גיוועזין„, נצ1, בּראשית, יד/ד. „צי בּין איך ניט
דער טרעגער פֿון בּאַפֿעל פֿון דודן צום א,
אוריה?„, הל, אין טרעבּלינקע....
3. איבּערפֿירן, פּטרן, קאַליע מאַכן. „ווען דיר
גלײַך דײַן חבֿר בּרענגט אום געלט...זאָלשׂטו
דאָך דענקן...הש‟י ווערט מירשׂ ווידר בּישערן„,
עיון, מא/ב. ‟שקר־עדות זאָלסטו קיינעם ניט
זאָגן...דו בּרענגסט אים אום געלט און גוט„,
יענטע בּת יצחק, ע□Iרת הדבּרות בּיכל [אָנהייבּ
19. י‟ה], [נפּ, וואכשטיין־בּו□ר]. „צי מעג איך א,
דאָס קינד? איר זײַנט אַן ערלעכער ייִד, וויל

איך הערן אײַער מיינונג“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,עס איז צו געווינען אײַך מיר ניט געלונגען, אומזיסט האָבֿ איך אומגעבֿראַכט יאָרן — מײַן געמיט איז צעבֿראָכן, מײַן שטימע פֿאַרקלונגען“, מר □I, נ“י 1908. ־עכ□ן.
־עניש.
אומבֿרענגען זיך — ← דפֿוו. רעפֿל. זיך מקריבֿ זײַן; נעמען אויף זיך עינויים מיטן אייגענעם ווילן. זי איז גרייט זיך אומצובֿרענגען פֿאַר איר קינד. א, זיך פֿאַר אַן אידעאַל. ,,און, דיא יודן וואַרן אים גרושֿן לייד און, וואַרן שרײַאן: דבֿי מאיר...וויא האשֿטו דיך זעלבֿשֿט אום גבֿראַכט אום אונזר וועגן,,, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש“ץ, פֿירט 1694 [פֿש
,
III]. ,,און, ער גידענקט מן זײַני (צדיקים) און, זײַני (חסידים), דיא זיך האבֿן לאָזן אום בֿרענגן פֿון (קידוש השם) וועגן“, לט1, לבֿ/א.
קזוו — איינער דעם צווייטן דערהרגענען, פֿאַרטיליקן. “ווען מענטשן זאָלן וויסן וואָס איינער אויף דעם אַנדערן טראַכט — וואָלטן זיי זיך אומגעבֿראַכט“, שוו. פֿיג — שווער האָרעווען.
,,ווערסט זיך א, בײַ דער אַרבעט,,, רייד.
אומבֿרענגער — דער, ־ס. וונ נבֿ. ווער עס

בּרענגט אום. רוצח; תּלין. „און [גאָט] וועט ניט
לאָזן דעם א, ['המשחית'] אַרײַנקומען אין אײַער
הויז צו שלאָגן“, תּי, שמות, יבּ, 23. „וואָס עס

אומבּ ק.דבות

איז געשען מיט אונדזער לשון הן דורך דער
פֿאַרבּלוטיקטער האַנט פֿון צורר און א', הן
דורך די שטורעמווינטן פֿון שפּראַך

אַסימילאַ

ציע„, הקדמה, גרויסער ווב פֿון דער ייִד,
שפּר, I.
אומבּרענגעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע,
דעם כאַראַקטער פֿון אָדער ווי פֿון אַן
אומבּרענגער. א'ע אופֿנים פֿון טאָטאַלער אויסראָטונג.
־קייט.
או'מבּרע'ניק — אַדי. נעאָל. 1. וואָס קען
ניט בּרענען. „א'ע מאַטעריאַלן“, ימ. 2. וואָס
איז ניט־אײַליק, וואָס בּרענט ניט (פֿיג), וואָס
דריקט ניט צו. אומדרינגלעך. א'ער ענין.
־יקייט.
או'מבּרע'נעוודיק — אדי. וואָס קען ניט

בּרענען (איבּער דער אייגנשאַפֿט פֿון דער זאַך). פֿרגל דפֿוו. [נש, ישפּ, 3(10)]. א'ע שטאָפֿן. מע קען מאַכן אַז האָלץ זאָל ווערן א'.
אומבּרענען — טרוו. בּרען אום, ~געבּרענט. אַרומבּרענען. א, דעם קלאָץ פֿון אַלע זײַטן. ־עניש.
אומבּרעקלבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק וקבּ. ▯. דוווו.
אומבּרעקלדיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט (צע)בּרעקלען, (צע)קרישלען. האַרטער א'ער צוויבּאַק. ־יקייט.
אומבּשותּפֿות(דיק) — [...בּעשו'טפֿעס...] אַדי. וואָס איז ניטאַ אין אַ צווייטן (צווייטער זאַך). די א'ע שטריכן בּײַ די בּרידער. ־(די)קייט.
אומבּשלומדיק — [...בּעשאָ'לעמ...] אַדי. ראָכקינד־שקליאַר ווב. וואָס מאַכט ניט שלום, לעבּט ניט בּשלום. אַן אייבּיקער, אַן א'ער שׂונא. ־יקייט, ראָכקינד־שקליאַר ווב.
אומבּשלימותדיק — [...בּעשליי'מעס...] אַדי. ניט־פּערפֿעקט. א, פֿאַרענדיקן אַן אַרבּעט וואָס מע האָט גוט אָנגעהויבּן. ־יקייט — נאָר אַ מומחה קען דערזען די א'ן.
אומבּשתּיקהדיק — [...בּעשטי'קע...] אַדי.

ראָכקינד־שקליאַר ווב. וואָס איז ניט אין געהיים. „די איצטיקע א'ע אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרהאַנדלונגען ברענגען דער וועלט מער צרות ווי ד אַמאָליקע בשתיקהדיקע אָפּמאַכן„.
י

אומבתמימותדיק — [...בעטמי'מעס...] אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך קיין נאַאיווקייט. „אויך א'ע מענטשן קענען זײַן גלייביקע און אידעאַליסטישע טוערס„. ־יקייט.

א תנאַיאיק — [...ביטנײַ'...] אַדי. וואָס איז אָן (ניט אָפּהענגיק פֿון קיין) שום תּנאַי, באַדינג. האַלטן פֿון א'ן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. ־יקייט.

אומבתרבות — [...בעטאַרבעס] אַדי. אָפּט סוב. 1. אומקולטורעל. אַן א, לעבן. אַן א'ער (יונג) = עם־האַרץ, גראָבער־יונג. 2. אומדערצויגן. עסן ווי אַן א'ער = ניט ניצן ריכטיק גאָפּל־מעסער. רעדן ווי אַן א'ער, ווי ער וואָלט פֿון וואַלד געקומען. 3. גראָב, אומאיידל. „ער האָט אים קיין שום א, וואָרט געזאָגט„, יפּ. „נאָר למען השם קיין א, וואָרט, אַנישט וועל איו...„, קמ, 20 1864, No. *א'ער חזיר =

אומבתרבותדיק

זידלוואָרט. אויך פּטם: ~בּתרבּותט. „דאָך
האָט איר נאָך פֿון אונדזערס איינעם קיין
אומכּבֿוד ניט געהאַט...נישט געהערט קיין א,
וואָרט...“, קמ, 12 1868, No.

א, זײַן — צזוו. זײַן אומקולטורעל,
אומציוויליזירט. „די לײַט אזו און בּתרבּות גיוועזן
און, ער איז אַליין גיוועזן בּתרבּות“, בּראַנט.

אומבּתרבּותדיק — אַדי. ← דפֿוו. ־יקייט
— אומקולטורעלקייט; אומדערצויגנקייט;
גראָבקייט.

אומבּתרבּותקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומבּתרבּות
(←).

אומגאווהדיק — [...גײַ'ווע...] אַדי. וואָס איז
אָן גאווה. האַלטן זיך בּאַשיידן, א,.

אומגאָט — דער, ־געטער. אָפּגאָט, געץ. „זיי
האָבּן געשלאַכט צו שדים, אומגעטער„, תּי,
דבֿרים, לבֿ, 17 ['לא אלה']; „און געשוואָרן בּײַ
אומגעטער“, תּי, ירמיה, ה, 7 [בּלא אלהים].
“די עצם פֿאָרשטעלונג, אַז גאָט מוז אַ לאַנגן
פּעריאָד טאָלערירן די טיילווײַזע ממשלה פֿון אַן
א'...האָט בּײַם ייִדנטום געמוזט אַרויסרופֿן אַ
מעטאַפֿיזישן ווידערווילן“, גרינ, ייִד און וועלט,

נ"י 1953.

או'מגאָ'טספּאָרכטיק — אדי. היפּוך פֿון גאָטספּאָרכטיק. אַ הפֿקרדיק, א, לעבן. „שענדלעכע לעבן באַשטראָפֿונג און געהיימע טויטשלאָגונג, וואָס זײַנען ערפֿילט געוואָרן מיט אַן א'ן הסכם", ברוך רידזונסקי, איבּז פֿון דעם ווילנער קהל, 'הודעה על פּי פּקודת הקיסר יר"ה לעדת יהודים דגובערניעס ווילנא והוראָדנא ואָבלאַסט ביאַליסטאָק', ווילנע 1812. ־קייט.

אום גאָטעס הימלס ווילן — פֿראַזע. ← דוווו. "(לעבּט נאָך אין אַן אויסרוף־פֿאָרמל, וואָס איז מיר פֿאַרבליבּן אין זכרון פֿון מײַנע קרעמעניצער קינדער־יאָרן: א, ג, ה, וו'!)", נפּ, ייִפֿאַ, 2 ,1938.

אום גאָט(ע)ס ווילן — פֿראַזע. צוליב דעם ווילן פֿון רבונו־של־עולם (ניט בלויז צוליב אַ מענטשן אָדער עפּעס אַ זאַך); למען־השם. מיִי. ניט געניצט אין דער ריידשפּראַך פֿון מא.

„דרום ביטן מיר דיך אום גאטש ווילן דער ווײַל מיר אונז אויף דיזר וועלט אויף קיינם צו פֿר לאָזן האבן אלז אויף דיך", הבחור חנוך בר, צבֿי הירש איבּז, אגרת בעלי חיים, הענא 1718.

„דערבאַרעם זיך איבער אונדז א, ג, וו', מע מוז דאָך דעם הונגער שטילן", מכירת־יוסף־שפּיל,

לעמבערג 1876. „אַ קליין סי״ורל און אַ פּאָר תּפילין און אויך ציצית גיב איך דיר מיט, פאַרגעס ניט מײַן קינד א, ג, וו', פֿאַרגעס דײַן גלויבן ניט“, ילג, ע)יחת־חולין, וואַרשע 1889.
„און איך בעט אײַך א, ג, וו, דאָס איר מיר טוט שרייַבן דאָס איך צו אײַך זאָל קומען“, ר, אַהרן מטריבש, ספֿר מצח אַהרן.
או'מגאַלאַ'נט — אדי. וואָס איז ניט ווי אַ קאַוואַליר, ניט מיט גוטע מאַנירן. אויפֿפֿירן זיך ווי אַ דאָרפֿסמאַן, א'. „דאָקטער צו אַ פּאַציענטין: — 'הײַנט געפֿעלט איר מיר ווייניקער ווי נעכטן'. פּאַציענטין: — ,ווי א, איר זײַט, הער דאָקטער',„ פֿג״ו, ווילנע 16 1931, No. ־קייט — אַרויסוויַיזן א'.

541

אומגאַלאַפּירן — אוטוו. ־פּיר אום, ~ גאַלאָפּירט. אַ לענגערע צײַט (אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער) רײַטן אויף אַ פֿערד אין גאַלאָפּ.
אומגאָלד — דאָס. מצ נב. דאָס וואָס זעט אויס ווי גאָלד, אָבער האָט ניט קיין ווערט. „און ס'איז באמת ניט צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעבערגלט אַזוי פֿיל גאָלד און

א,“, פֿאש, 15 1962 X.
אומגאַנג — דער, ־גענג (זן ־ען). 1 פֿאַרקער,
.
צירקולאַציע. ניקאָלײַעווער געלט איז מער ניט
אין א'.
2 פֿאַרקער אויף אַ געוויסן שטח. „איצונד
.
ווי די פּראַנצויזן זײַנען אײַנגעבּראָכן אין
אַלזשיר...טאָר איך קיין פֿרײַען א, אין דאָס לאַנד
האָבּן אָן דעם קיניגס דערלויבּעניש“, אמד, די
וויסטענײַ זאַהארא, ווילנע 1868.
3. געניטשאַפֿט. "מענטשן וואָס אין געשעפֿט
ניט זענען פּראַקטיצירט און האָבּן קיין א, אין
געשעפֿטן“, הרבֿ מרדכי הורוויץ, ספֿר פּרשת
מרדכי, אונגוואַר 1866.
4. בּאַציאונג צו מענטשן. פֿאַרבּינדונג מיט

(שײַכות צו) מענטשן. אַ פֿרײַנדלעכער א, מיט
אַלעמען. "ועל איך דיר געבּן אַן א, צווישן די
דאָזיקע וואָס שטייען דאָ“, תּי, זכריה, ג, 7 [אַזוי
ווערט פֿאַרטײַטשט דאָס אומקלאָרע וואָרט
'מהלכים', וואָס בּאַטײַט אפֿשר: פֿירערשאַפֿט].
„רעכטי נוצרים צו זײַן, אונ, דשׂ זיא גאַר קיין
אום גאַנג וועלן האבּן מיט אנדרי יהודים“, שאַר.

״האָב איך אָנגעהויבן צו האָבן מיט אים אַ העכסט פֿאַרטרויטן א, ביז איך בין פֿון אים שוואַנגער געוואָרן״, אמד, די קרעמערקע, ווילנע 1865. „ווער ס'איז מילד און ווער ס'איז ווילד אין זײַן א, מיט מענטשן״, שמר.

5. ספּעצ באַציאונג פֿון פֿרײַנדשאַפֿט. אַן א, מיט משרתים ווי מיט אייגענע. ״דערמיט טאַקע לאָזט זיך דערקלערן זייער א, ווי חבֿרים מיט קינדער״, ממוס, שלמה.

6. ספּעצ דאָס געבן אַכט אויף עמעצן, דאָס מטפּל זײַן זיך מיט עמעצן וואָס נייטיקט זיך אין השגחה. אויסלערנען דעם א, מיט קראַנקע. איבערגעבן דער עלטערער שוועסטער דעם א, מיט דער ייִנגערער. ״וויכטיק זײַנען דאָ ניט אַזוי די רפֿואות...ווי דער א אַרום קראַנקן״, פֿגעז, ווילנע 7 ,1925 No.

7. בכלל פֿירונג, התנהגות. „קאנשט אַך דעם זעלביגן קיין שאַנד פֿלעקין אַן הענגין, וועלכיר ניט אַך אין אַנדרי מענשליכי אום געגנ צו פֿינדן איז״, אליהו בר, ליזר קוטנים איבז, תלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692. „מײַן אַלטע ווײַב טוט זיך אירע א'ען ווי אַן אַלטע פֿרומע פֿרוי דאַרף טאָן„, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844.

,,כ'האָב דאָ אויפֿגעמישט אַ פֿאַרגעלט בלעטל פֿונעם גאָר נאָנטן עבֿר, מחמת עס לאָזן זיך מערקן סימנים, אַז דער א, כאַפּט זיך לעצטנס אַרײַן אויף אין אונדזערע דלת אמות,,, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 3. א'(ס)־פֿאָרעם.

8. עפּידעמיע. אַן א, אויף טיפֿוס, כאָלערע אע. ,,אויבֿ דער קרופּ פֿאַלט אָן אויף איינצלנע קינדער, דאָס הייסט אַז עס גייט ניט אום אַ גרויסער א, אויף זייער פֿיל קינדער,,, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש, די הויזליכע מעדיצין, ווילנע

אומגאַסמ

l887. ,,קינדער שטאַרבן, אַן א, אויף קימפּעטאָרינס!“, מ. א. שאַצקעס, יודישע פֿאָלקסביבליאָטעק, קיִעוו l888.

9. אַרומגאַנג, אַרומדריי. ,,און פֿאַרוואונדערן זיך ניט פֿון דעם ווי די גלגלים וואָגלען אום פֿון זייער א',,, חה, כ, 230.

1O. זײַטיקער אַרויסגאַנג. מלל פֿאַרטײַטשט 'ויעשׂ צלעות מסבֿיבֿי, (מלכים א, ו, 5): “אום גאַנג“ [תּי: ,,זײַטנקאַמערלעך“]. אַן א'־קאַנאַל.

11. אומוועג. מאַכן אַן א, און אָנלייגן וועג. אומגאַנגבאַר — אַדי. א'ע סחורה ־קייט.

.

אומגאַנג האָבן — צזוו. האָב א,, א, געהאַט. האָבן שײַכותן מיט עמעצן, זיך באַגיין מיט עמעצן פֿאַרקערן. „בעלי־מלאָכות זײַנען צווישן

,

ייִדן גאָר אַנדערע מינים גרויסע...האָבן געוויינטלעך א, מיט ייִנגלעך, מאַכך זיך עפּעס נאַריש מיט זיי“, ממוס, ווינטשפּ. „זיי פֿאָרן אַרום אין דער וועלט און זיי האָבן א, מיט אַלערליי מענטשן“, קאלמוס, לעבעדיקער יתום, אַדעס 1876.

אומגאַנג־לשון — [...לאָשן] דאָס, ־לשונות. דזוו אומגאַנגשפּראַך. “זיי [די פּאָלאָניזמען] האָבן זיך ווי אַ געוויסער אַרײַנגעריסן אין אונדזער צײַטונגסשפּראַך (און דורך איר אויך אין דאָס א'־ל') ערשט נאָך דער וועלט־מלחמה“, ייִפֿא, 1938, 1.

אומגאַנג(ס)געלט — דאָס, ־ן (־ער). 1. געלט, ווערטצייכן וואָס איז גאַנגבאַר אין אַ באַשטימט אָרט (געוויינטלעך אַרויסגעגעבן צײַטווײַליק אונטער אַן אָקופּאַציע, בעת אַן אינפֿלאַציע אע). 2. ווערטזאַך וואָס פֿאַרבײַט געלט. “די געציילטע קי וואָס זענען יאָ פֿאַרבליבן דינען אַלס א'“, טמז, 17 1961 III.

אומגאַנג(ס)וואָרט — דאָס, ־ווערטער. געוויינטלעך, אָפּט געניצט וואָרט. "אין דער קעלצער געגנט...איז רײַטוועגעלע געווען בײַם פֿאַלק, ב אַלט און יונג, דאָס א'", נפּ, ייִפֿאַ,

י

.2 ,1938

אומגאַנגשפּראַך — די, ־ן. שפּראַך פֿון געוויינטלעכן, טאָגטעגלעכן באַנוץ, געברויך. „ווײַט ניט אַלע [ייִדן] האָבן אָנגעגעבן פֿאַר זייער א, ייִדיש", ש נ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. „פּונקט אַזוי איז מסתּמא דער סיגנון פֿון די נבֿיאים נישט געווען די א, פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין ארץ־ישׂראל", נפּ, ייִפֿאַ, 13.

אומגאַנץ — אַדי. וואָס איז ניט־גאַנץ, דעפֿעקטיוו. „דאָס א'ע, דאָס ניט־פֿאַרענדיקטע, איז אין אַ שטענדיקער מלחמה אַקעגן דער פֿאָרעם", קאָר II.

אומגאַנצקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגאַנץ. די א', די ניט־פֿאַרענדיקטקייט פֿון דער אַרבעט. א, פֿון כאַראַקטער. „די סתּירות, די א, אין דער נשמה, די צעשפּליטערטקייט", א. גאָלאָמב, קוד, מאַרץ

.19

אומגאַס — די, ־ן. זײַטיקע גאַס. בלאָנדזשען איבער א'ן.

אומגאַסט — דער, ־געסט. ניט־געוואונטשענער גאַסט אָדער וואָס פֿירט זיך אויף ניט ווי געהעריק. פּטור ווערן פֿון דעם א'.

או'מגאַ'סט ▯ רײַנדלעך

או'מגאַ'סטפֿרײַנדלעך — אַדי. אויפֿנעמען עמעצן א', ווי אַ ניט־פֿאַרבעטענעם. „אויפֿן פֿרעמדן, א'ן ברעג„, מ. אָסטור, אויפֿן שוועל, 1962, XI־XII. ־קייט — אַרויסווײַזן א'. „דאָס איז ניט צוליב א', נאָר איינפֿאַך צוליב מידקייט“, פֿאָר, 28 1962 XII.

אומגאַראַנטירט — אַדי. קויפֿן א'ע סחורה אויף אייגענער ריזיקע. ־קייט.

אומגאַרבן — טרוו. גאַרב אום, ~געגאַרבט. גארבן אויפֿסנײַ, איבערגאַדבן. א אַ פֿעל.

,

-

אומגאַרטלונג — די, ־ען. פּראָצעס, מיטל אָדער רעזולטאַט פֿון אומגאַרטלען. אַ ברייטע

א,.

אומגאַרטלען — טרוו. ־טל אום, ~ געגאַרטלט. אָפּט מיט זיך. אַרומגאַרטלען, אַרומבינדן מיט אַ גאַרטל. „האָט זיך מיט אַ זאַק אומגעגאַרטלט“, אמד, דער שוואַרצער האָן, ווילנע 1879. פּיג. אַרומרינגלען. א, די שטאָט.

אומגאַרטן — טרוו. גאַרט אום, ~געגאַרט. אַרכ. דזוו אומגאַרטלען. „איין גוט מלבוש וואש טושט אום גאַרטן אום דײַן לענדין„„ עיון, ג/א. „אונ, ער [הורדוס] איז אום גיגאַרט מיט זײַן שווערט“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764.

אומגבֿיריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי בײַ אַ גבֿיר. „פּרינצעסין ייִדיש איז אַן עלנטע א'ע אַלמנה“, לע, טמז, 8 XII 1963. ־קייט.

אומגוואַלדעווען — אוטוו. ־דעווע אום, ~געגוואַלדעוועט. אַ לענגערע צײַט אויפֿהייבן געשרייען, מאַכן גוואַלדן. א, טאָג און נאַכט.

אומגוזמאדיק — [...גוזמע..] אַדי. ניט־איבערגעטריבן. א'ע, פּינקטלעכע ציפֿערן. ־יקייט.

אומגוט — אַדי. 1. וואָס איז ניט גוט (אָבער אויך ניט בפּירוש שלעכט). „ס'רובֿ זײַנען מענטשן ניט קיין צדיקים און ניט קיין רשעים, אָבער זיי זײַנען — א'ע“, רייד.

2. שלעכט. „(חשכת) די פֿינצטרנס פֿון ווש׳ר

(עבֿי שׂחקים) אין דיא וואָלקן פֿון הימל דאשׂ איז דאשׂ פֿינצטרנס דז אום גוט איז", סהמ (לובלין שפֿ,,ו), תּהלים, יח, 12.

*ניט נעמען פֿאַר א, = זיך ניט באַליידיקן, ניט באַטראַכטן ווי שלעכטס, ווי עפּעס מיט אַ בייזן כּיוון. (זן: נעמען פֿאַר א'). נעמט ניט פֿאַר א, אונדזער זאָגן איַיך..., אונדזער לשון, אונדזער הילוך. ,,נעמט ניט פֿאַר א, וואָס איך האָב מיט די שיך אַריַינגעטראָגן בלאָטע אין שטוב", ממוט, שלמה. ,,ר, חזן, נעמט נישט פֿאַר א, וואָס איך פֿאַרנעם איַער...צײַט מיט גאָרנישט", א. מאָרגנשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898. ,,איצט בין איך איַך מוחל, און איר נעמט נישט אָן מיַינע ווערטער פֿאַר א'", ראַבאָי, אייגענע ערד.

אַרכ. ה אָ ב ן פֿאַר א,. ,,דרום, איר ליבן לייַט, ווערט איר מייַן וויניק שרייַבן ניט פֿר אום גוט האָן,,, 'אַ נײַ קלאָגליד אויף אַ משרת פֿון פֿראַנקפֿורט', האַנוי 1708 [פֿש II]. ,,וועז... איין למדין...גיט אויף קיין (סעודת מצוה) ניט — אים נישט פֿר אום גוט צו האבן,,, עח, כז, 3. ,,זע אַז דו ניקס טוסט וואָס די לייַט פֿאַר א, האָבן,,, ארחות חיים, [איבז], לעמבערג 1850.

אומגוט(י)קייט — די (דאָס), ־ן. געפֿיל פֿון ניט־אָנגענעמקייט (אויך עקלדיקייט). „נאָכן עסן איז געבליבן אַן אומגוטיקייט אין מויל“, רייד. עס כאַפּט אַרום אַן א, פֿון זײַן הילוך, זײַן רעדן אע.

אומגוטמוטיק — אַדי. ניט־גוטמוטיק; ניטפֿרײַנדלעך. אַן א'ער מענטש. אַן א'ער ברודהבא. ־ערהייט — אַדוו. ־יקייט.

אומגוט(ס)קייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגוט. אַרויסווײַזן אומאיידלקייט און אויך א'.

אומגויאיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט דער פֿירונג פֿון אַ גוי. „אַזאַ פֿיר איז הן אומייִדיש הן א, און האָט שוין גאָרניט קיין טעם“, רייד. ־קייט.

אומגונסט — די, ־ן. אַרכ. פּר. דאָס וואָס איז ניט לטובֿה, ניט צום גונסטן. „איז ער עטליכי י□רן אין אום גונשׂט בײַא זײַן ברודר דם קינג גוועזן„, שאַר, קטו/2.

□

אומגוסיש — אַדי. וואָס איז אָן גוף, אָן חושים פֿון גוף. דערשפּירן א'. ־קייט.

אומגורט — דער, ־ן. אַרכ. אַרומנעם; גאַרטל. „[בײַם רעדן וועגן דער מרכּבֿה וואָס יחזקאל האָט געזען בנבֿואה און שלמה אין זײַן גרויס חכמה] איר א', כּלומר דער רייף...„, סהמ, מלכים א.

אומגורטונג — די, ־ען. ראָש מלין — מפֿתּח פֿאַרטײַטשט מחגרת שׂק (ישעיה, ג, 24): „אום גודטונג“.

אומגורטן — טרוו. גורט אום, ~געגורט. אַרכ, איצט דטשמ. אומגאַרטלען. ראָש מלין — מפֿתּח פֿאַרטײַטשט חגר: „א„ אומבינדן„.

אומגזע — [...געז▯I די, ־ס. לר. שלעכטער אָפּשטאַם; היפּוך פֿון יחוסדיקע משפּחה. „זיו משדך זײַן מיט אַזאַ א'? פֿע!“ “אַזאַ בולוואַן קען קומען נאָר פֿון אַן א'“.

אומגיי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אומגיין (פֿאַרשיידענע בּבֿ). אַן א, מיט מענטשן. 2. וועג בײַם אומגיין. אַן א, פֿון עטלעכע קילאָמעטער.

אומגייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומגיין (פֿאַרשיידענע בּבֿ). „זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן פֿאַרשיידענע ניט אינגאַנצן

כשרע מעשׂים, אומשולדיקע געזעץ־א'ען וואָס
זײַנען שוין געוואָרן מנהגים“, מוק, מײַנע
בּאַגעגענישן.
אומגייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס גייט אום,
איז אין גאַנג. א'ע בּאַנקנאָטן.
אומגיין — אוטוו. גיי אום [אַרכ אום גיי], בּין
~געגאַנגען (אויך: ~געגאַן). 1. גיין אַהין
און צוריק פֿון איין אָרט צום צווייטן; גיין אַ
,
לענגערע צײַט; אַרומגיין. א, איבּער די גאַסן,
אין וועלדל, בּײַם בּרעג ים אאַזוו. „אין איין
גרינן וואַלד...גינג זיא גר לאַנג אום דורך דער
ווײַט אונ, אויך דורך דער קרום„, ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686. מלל פֿאַרטײַטשט ,וסבֿב בּית אַל...,
(שמואל א, ז, 16): „אום ג ֿהן„ און גיט צו:
„כל לשון סבִיבוֹת והקפֿה„ [תּי: „ער פֿלעגט...
אַרומגיין קיין בּית־אַל...„]. „סע איז דאָרט
אומגעגאַנגען אין דעם פֿײַער...יהודים, אָנגעטאָן אין

ומגיין

טלית און תּפֿילין„, נחב, 'מעשׂה נסים'. „ווען
איך וועל דאָ טעג נאָך א', וועל איך אַלץ ניט
געפֿינען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן“,

פּה פֿון ווײַטע לענדער.

בײַ פּערזאָני־פֿיצירונגען: „אויף אַ וויסטן
בית־הקבֿרות איז דער פֿרילינג אומגעגאַנגען“,
יהואָש, 'פֿרילינג'. „דאָרט אומגעגאַן דער טויט
איז פֿון באַגין„, פּמ, מלחמה. „מיט פֿײַערדיקע
אויגן גייט אום די נאַכט“, א. ש ומיאַטשער,
לידער. אין קללות: זאָלסט א, אויף איין פֿוס,
א, מיט אַ הויקער פֿון פֿאָרנט און מיט אַ הויקער
פֿון הינטן. „ער זאָל א, מיט מײַנע מכּות... מיט
מײַן צעבראָכן האַרץ און מיט מײַן
פֿאַרשטויסענער נשמה“, ש. בערנשטיין, ר, יאָכצע דל
גאה.

*א, ליידיק און לוסטיק = אָן אַרבעט און
פֿריילעך; אָן זאָרג און הפֿקרדיק. „אַז עס איז
אים...איבערגעבליבן אויף אַ טאָג שפּײַז,
האָט ער דעם טאָג געמאַכט פֿאַר אַ רוטאָג און
אים אומגעגאַנגען ליידיק און לוסטיק„, חה, 117.

*א, שלינג און שלאַנג = קיין זאַך ניט טאָן
און ניט זאָרגן זיך. „א, שטענדיק שלינג און
שלאַנג, זויפֿן, שיכּורן וואָכן־לאַנג, אין דער
וועלט צו גאָרניט נוצן“, ממוס, יודל. *א, (ווי)
אָן אַ קאָפּ. „מער פֿון אים, איז נעבעך די
פֿידלערקע אומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, עס האָט

איר ממש די הענט געציטערט פֿון שרעק,,,
מ. א. שאַצקעס, יודישע פֿאָלקסביבליאַטעק,
קיִעוו 1 1888, No. *א, ווי אויפֿן עולם־התוהו,
ווי אויף יענער וועלט, ווי אין חלום = זײַן
פֿאַרטראַכט, צעחושט. ,,אויף דעם קאפּפֿין אום
גין,,, בראַנט = קריכן אויפֿן קאָפּ.

2. בכלל זיך באַוועגן, זײַן בכּוח זיך צו
באַוועגן. אויך מיט ז י ך. (ניט) קענען א, אויף
דער וועלט. ,,אַן אומגליק! זי קען נאָך אַ פּאָר
טעג אינגאַנצן א',,, מ. נאָלדשטיין,
בירעבידזשאַן, זב, מאָסקווע 1936. ,,און זײַנן אַך פֿיל
לײַט די דא האבן (ווידוי) גיזאגט..., דיא גינן
איצונד אויף דעם מאַרק אום, דען דער (ווידוי)
איז איין רפֿואה,,, לט1, לז/א. ,,אַ מענטש זאָל
ניט גיין עסן ביז ערשטן זאָל ער זיך א, ביז
ער ווערט גוט דערוואַרעמט,,, י. ל. יאָסעלאָוויץ,
תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל,,ו. *א, ווי אַ נשמה
פֿאַרן קבֿר = א) אינגאַנצן אָן כּוחות; ב)
צעטומלט.

3. גיין אָנגעטאָן. א, ו ו י אַ פֿראַנט, ווי אַ
חתן(־בחור), ווי אַ כלה(־מויד). א,
אויסגעפּיאָקעוועט. ,,אַזאַ...חסיד ווערן, א, מ י ט שיך און
זאָקן און מיט אַ טלית־קטן, וואָס זײַנע ציצית
שלעפּן זיך ביז דער ערד,,, יד, אבֿן נגף.

4. דריטפּערזאָניק. זײַן פֿאַרשפּרייט, זײַן פּאָפּולער; גיין פֿון מויל צו מויל. בײַם פֿאָלק גייט אום אַ זאָג, אַ שפּרוך, אַ מעשׂהלע, אַ ווערטל אע. „צווישן עולם איז דענסטמאָל אומגעגאַנגען אַ ליד, וואָס יונג און אַלט האָבן עס געזונגען", ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „צווישן די חדר־ייִנגלעך איז נאָר אומגעגאַנגען אַ 'סוד', אַז אויב מע זאָל פֿאַרזייען די קערנדלעך פֿון אַן עפּל...", אַר, 'דער בוים'.

5. דריטפּערזאַניק. זיך אויסשפּרייטן, ווערן עפּידעמיש (וועגן אַ קראַנקייט). „אין אונדזער געגנט איז דעמאָלט אומגעגאַנגען די כאָלערע".

אומגיין

„דער טיפֿוס קען חלילה א, נאָך אַ לענגערע צײַט„. „עס איז דעמאָלט אין שטאָט ניט געווען שטיל. עס איז אומגעגאַנגען דעמאָלט אַ קראַנקייט אין שטאָט", שמ'קא"ב בק"ק א„ השגחת השם, לעמבערג [יאָר]. „אויב דער קרופּ פֿאַלט אָן אויף איינצלנע קינדער, דאָס הייסט אַז עס

גייט ניט אום אַ גרויסער אומגאַנג אויף זייער
פֿיל קינדער“, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש, די
הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887.
6. זײַן אין אַ צושטאַנד. א, אַ פֿריילעכער, אַ
טרויעריקער, אַן אָנגעכמורעטער. „בּ“ה שוין
טאַקע געוואוינט א, שטענדיק כּמעט אויף הייסע
קוילן — וויסן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּרי“,
יכּנהז, יודישע פֿאָלקסבּיבּליאָטעק, קיִעוו 1888,
No 1. *א, (ווי) אין הינערפּלעט = ניט וויסן
אין וואָסער צושטאַנד מע געפֿינט זיך. *א,
אין דער פֿינצטער = א) ניט וויסן דעם
ריכטיקן וועג ווי זיך אויפֿצופֿירן; בּ) זײַן ניט
אויפֿגעקלערט. „אַלע פֿעלקער זענען נאָך
אומגעגאַנגען אין דער פֿינצטער, האָבּן שוין בּײַ אונדז
אין די וואוינונגען געגלאַנצט ליכטלעך פֿון
בּאַרימטע ייִדישע גײַסטער„„ דר, יעקבֿ טשערני,
קול יעקבֿ, בּאַרדיטשעוו 1897. *א, מיט אַ פֿולן
בּויך = מיט אַ סך טענות, פֿאַראיבּלס. *א, אַן
אָנגעלאָדענער = דזוו פֿריִער. מיט אַ סך וויסן.
7. זיך בּאַגיין מיט עמעצן; זיך בּאַציִען צו
עמעצן. „און, ער דר צילט...וויא בּבֿא מיט אים
וואַר אום גנגן“, בּבֿא־בּוך, 210. „איך וויל מיט
אים אום גין מיט לישטן“ [= כיטרעקייט], ספֿר
משלים, פֿפֿדמ 1686. „אַם ווינטר טעט ער פֿיל

ערגיר אום גין מיט דיא אַרמין גומיין“, 'אַ נײַא קלאָגליד אויף אַ משרת אין פֿראַנקפֿורט“, האַנוי 1708 [פֿש II]. „דער גבאי איז איין בגלויבטר מענש אונ, ווייש דער מיט אום צו גין“, ר, זאבֿ וואָלף בר, יוסף, דרישת הזאבֿ, בערלין 1740. „דש מן מיט אונז אַרמי בחורים טוט אין פֿ„פֿ אַזו אום גיהן“, 'בחורים ליד, פֿפֿדמ 1750

,

[ייבל, III]. „גי אביר ניט אום מיט גאָט

בטריגליך„, הt II. „פרנסים און מנהיגים וועט זיי נאָר מיט דעם קהל מיט נאמנות א,...“, עפש, עץ חיים קיצור של„ה, [לבֿובֿ? יאָר?]. „דו זאָלסט מיט אים ניט אום גיין מיט מדת־הדין, נאָר מיט אייטל מדת־הרחמים„, תחנות ובֿקש ות, דירנפֿורט 1798 [איבערדרוק ווילנע 1858]. „דער טוט אי זיך אויך גוטס וואָס גייט אום מיט חסד“, מס, משלי, תקע„ד, יא, 17.

*א, (ווי) מיט זײַדענע הענטשקעס = איידל, אָפגעהיט, דעליקאַט. *א, (ווי) מיט אַ געפלאַצט (ווייך, רוי) איי — דז, אָבער איר. *א, מיט די פֿינגער = א) צערטלען, גלעטן. „איז זי אומגעגאַנגען מיט אירע פֿאַרדאַרטע פֿינגער אין...[זײַנע] בלאָנדע האָר„, די דראַמע פֿאָן פאַריז, [איבז], בוקאַרעשט [יאָר?]; ב) באַטאַפּן

כדי זיך בעסער צו באַקענען. א, מיט די פֿינגער איבער געוואַנט. דער בלינדער זיידע גייט אום מיט די פֿינגער איבער זײַן אייניקלס פּנים.

8. זיך פֿירן, זיך נוהג זײַן אויף אַ ספּעציעלן אופֿן (געבן השגחה, כאָווען). אויך מיט ז י ך. א, מיט אַ קראַנקן. א, מיט קינדער. אויך א, מיט דער תּורה. „ווער מיט דער תּורה אום גיאט שטיט ניט וואהל אַן, ער זיך...איין פֿעטין לײַב ציהיט“, ספֿר מבֿחך הפּיניס, הומבורג תּצ"ט.

“ווען ער...[גאָט] וויל מיט מיר במשפּט אום גין קאַן איך אויך ניקש גווינן דען ווער וויל מיר עדות זאָגן“, סהמ, איובֿ, ט, 19. “אונדזערע לעבנסמיטל איז וואָס אַמאָל ווייניקער געוואָרן, מיר האָבן זיך זייער קאַרג דערמיט אומגעגאַנגען“, נײַאי טויזענד אונד איינע נאַכט, וואַרשע 1852.

9. זיך אויפֿפֿירן בכלל. „דוד גייט מיט ערמות אום„, סהמ, שמואל א. א, ווי אַ צדיק (רשע). „דיא (חכמים) פֿון לנד (הודו) זגין, זוכי ניט טרייאי (חבֿרים), ווען דוא ניט מיט זיא אום גיאשט (באמונה)“, ספֿר מבֿחר הפּנינים. „איך

בּין אום גיגנגין מיט דער חכמה וועלכי גינענט
פֿילוסופֿיא..."‚ אַלכּסנדר עטהויזן‚ בּית י􏰀ראל
ובית הבּחירה‚ אמשט 1724‚ שער שבֿיעי.
‚‚וועלכר מיט ערמות אום גיט לסוף קומט עשׂ
אים צו איינר טרויארונג‚‚‚ ר‚ אַבּא בּר‚ שלמה‚
סוד הנשמה‚ אַמשט 1740. ‚‚זיי גייען אום ווי
די חסידים הראשונים"‚ טעיאטאָר. ‚‚גאָט‚ דו
ווייסט דאָך ווי איך בּין מיט ערלעכקייט
אומגעגאַנגען"‚ מכירת יוסף שפּיל‚ לעמבּערג 1876.
1O. האָבּן צו טאָן מיט אָדער אַרום עפּעס.
‚‚וועז איינר אום גיט מיט הייליגי קרבּנות אָן
כּוונה זיַינן דיא קרבּנות פּסול"‚ ר‚ זאבֿ
וואָלף בּר‚ יוסף‚ דרישת הזאבֿ‚ בּערלין 1740.
‚‚מצות צו מאַכין און דיא טייג אום צו גין בּיז
ער שוויצן טוט"‚ אַריה ליבּ בּר‚ יהודה
זעליגמאַן‚ תּקוני המועדים פֿיורדא 1725. ‚‚מן זאַל
‚
קיין קליינע יונגן נאָך מיידליך לאָזן אַן קיין
טייג אום גין‚ די גיאן גוויש ניט רעכט מיט
אום"‚ עפּש‚ דרך הישר לעולם הבּא‚ שקלאָוו
.179􏰀
11. פֿאַרקערן מיט אַ מענטש. "אַז מע גייט
אום מיט חזירים‚ האָט מען קינדער ממז(􏰀)רים‚‚‚

שוו. „ווער מיט חכמים אומגייט ווירד זעלבסט
אַ חכם“, טענדלאַו, 827 [משלי, יג,]. דז בײַ
מס, משלי, תּקע“ד: „דער וואָס גייט אום מיט
חכמים ווערט אַליין אויך אַ חכם“. „מע מוז נאָר
א, מיט פֿרומע מענטשן כּדי מע זאָל זיך
אָפּלערנען פֿון זייערע מעשׂים„, חא, ל/ב.

12. אַרומלויפֿן, אַרומגיין (וועגן אַ מיידל מיט מענער). „זיא איז אומבּשריגגן שאַין, און האָט גרויסן חן, און דאז זיא אימעמער מיט שׂררות אומגאַיט„, אַהרן וואָלפֿסזאָהן, לײַכטזין אונד פֿרעממעלײַא, אַמשט 1798.

13. אמ. אַרומגיין צוזאַמען (וועגן אַ בּחור מיט אַ מייד) זײַן אין סטאַדיע פֿון ערבֿ חתונכּלה. „זלאַטע איז שוין אַ האַלבּע כּלה, און דאָס רופֿט מען אין אַמעריקע א'“, אָגוז.

14. פֿירן געשעפֿטן, זיך עוסק זײַן. „איך בּין וואול ך, שני, מיט זאָלכי עסקים אום גאַנגין“, גה, 86. „ער וואָלט ניט מער לײַדן דאשׂ זיא מיט חובֿות אונ, משכּנות אום זאָלט גין“, מבּ, מעשׂה קסט. “אונ, ניט אום גיט מיט קייני װעלטליכי זאַכן“, ספֿר משליס, פֿפֿדמ 1686. „דער פֿרעמדר מוז דאָך האָבּן מורא, אַז מעכשׂט אים אַמאָל דער ווישׂן אַז אום טרײַאה אום גיט מיט דײַן געלט אבּר סחורה“, עיון, סג/א. וויסן ווי אומצוגיין

מיט וואַלד, תּבֿואה אע. „זענען די שלוחים פֿון דאָרף אומגעגאַנגען אַרום סודן און פּאַלאַטעס פֿון די גרויסע שטעט„, ח״י בּ״ר איבּז, סקיטאַלעץ, פֿעלד געריכט, וואַרשע 1907. *א, ווי בּרוך

אומגיין

(טרײַטל) אויפֿן י(אַ)ריד = א) זײַן שטאַרק פֿאַרשמײַעט; בּ) זיך פֿאַרספּעקולירן; ניט ווילן פֿאַרקויפֿן וואָלוול און בלײַבּן מיט דער סחורה.

15. וואַנדלען אַרומגייענדיק (איבּער הויפֿן, איבּער דערפֿער). א, אײַנקויפֿן האָזענע פֿעלכלעך. א, מיט אַלטוואַרג. „די מאַנסלײַט זײַנען די גאַנצע וואָך בּיז פֿרײַטיק אַלץ אויף דעם לאַנד, גייען אום איבּער די דערפֿער און הויפֿן״, אמד פֿייגעלע

,

דער מגיד. „אויסגעטאָן פֿון זיך די שאַנד, מיט אַ זעקל אין דער האַנט, גייט ער אום פֿון הויף צו הויף״, אַר, 'האַנדל, האַנדל'.

16. גיין איבּער די הײַזער, בּעטלען; אַרומגיין צונויפֿקלײַבּן פֿאַר אָרעמעלײַט פֿאַר אַ

,

צדקה־זאַך. „הגבּאים זולן נימנץ [=קיינעם ניט] לאזין אום גיין בּעולם קיין עני און, דער עני

און, ענייה...טערין אויך ניט אום גיין מעצמם
כל ימי השבֿוע, אפֿ, בע״ש וע׳,,ט״ [= בּערבֿ
שבּת וערבֿ יום־טובֿ], תּקק. ,,דא בּשוּוער איך
איַיך...דשׂ איר מיר זאָלט זאָגן פֿר ווען איר
אום גיט...מיר גין פֿר איין יתום און, איין יתומה
אום״, מבּ, מעשׂה מב. ,,מן וואָלט איין גיפֿאנגיני
יהודי אויז ליזן...און, דיא גבּאים גינגן אום״,
בּראַנט. ,,ווען מן פֿאַר איינם עני אום גיט...און
עז איז געלט איבּריג דאָ...אַזו איז דאז איבּריג
אַך זײַן״, לט1, מז/א. ,,'ואפֿיצם בּישׂראל,
(בּראשית, מט, 7) — און, איך וויל פֿר שפּריטין
זי [= זי□] אונטר ישׂראל, דז זי זאָלן אום גיין
(על הגרונות),,, מ□t, לא/א. *א, קושן די
מזוזות = אַרומגיין צוניפֿקליַיבּן געלט פֿאַר אַ
צדקה־זאַך. גלייבּעכץ: אַז מע טרעט אויף
בּרעקלעך, ווערט מען א, איבּער די הײַזער.

17. טראַכטן אַ לענגערע צײַט וועגן עפּעס,
זיך אַרומטראָגן מיט אַ געדאַנק. א, מיט אַ
געדאַנק, מחשבֿה, פּלאַן, אידיי(ע). ,,מן מוזט
לאַנצום מיט אַזוי איין עניין אום גיין,,, ,כ״י וועגן
מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. ,,איז דער
צאַר...אומגעגאַנגען מיט דעם פּלאַן נאַרוואַ פֿון
...

די שוועדן אַוועקצונעמען,,, לאיז , דעס קענינס געשעפֿטס־פֿערזאָרגער, בוקאַרעשט דאָר?]

18. ניצן, אויסניצן; אָפּערירן; זיך באַגיין מיט אַן אינסטרומענט, מכשיר (ספּעצ מיט עפּעס וואָס איז סכּנהדיק). אָפּט מיט ז י ך. א, מ י ט אַ האַק, הובל אאַזוו. א, מיט פֿײַער. ,,די מענער זײַנען פֿײַער, און מיט פֿײַער באַדאַרף מען וויסן ווי אומצוגיין,,, ממוס, פּריזיוו. ,,ווייסט ווי אַזוי מיט זיי [די טעלעגראַף־דראָטן] אומצוגיין אַרויסצובּרענגען זייער פּעולה“, ייִל, קמ, 1867, No 24. ,,געלערנט...אַליין מיט דער פּען אומצוגיין“, ייִפֿאָל, 1 1881 X. ,,איז דאש בית־דין מחויבֿ...לײַט דרויף צו זעצן אויף די גיוויכט און, אויף די מאָסן דז מן רעכט דר מיט אום גיט“, לט1, קח/ב. ,,וויא דער בעל־דבֿר מיט זײַן געלט אונ גוט אום גיט,,, עיון, טז/ב. ,,דיא שיפֿר קאנן זיך ניט העלפֿן...דז זיא קאנן מיט דער שיף אום גין העלפֿט זיא נישט,,, סהמ, תּהלים, קז, 27.

19. אַרכ. געשען, טרעפֿן. ,,גם דא עז אַנדרשט ח,,ו זאָל מיט איהם אום גיהן...ער וועט מקדש זײַן“, ,כּ,,י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III].

2O. אַקוזוו. אַרומגיין (אַ געזעץ, אַ

פֿאַראָרדענונג), געפֿינען אַן אויסוועג, אַ דריידל אויס

אומגיימסט
-

צומײַדן. א, אַ געזעץ מיט אַדוואָקאַטישע
דריידלעך, מיט ניט קיין גאַנץ כשרן דרך. „ווען מען
אַזוי א, וועט, קענען זיי שמאָל אָפּשנײַדן“,
עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי
1866. „טרעפֿט אַמאָל אַ שווערער דין / וואָס
מע קען אים ניט אויספֿירן, / נאַרט מען גאָט,
גייט אום דעם זין, / נאָר דאָס וואָרט ניט
אָנצורירן“, ילג, Iיחת־חולין, וואַרשע 1889.
21. אַרכ. דורכפֿירן אין לעבן. „גלײַך אַנדרי
מצות ווען מען רעכט אום גייט ווי עס באַפֿולין
איזט“, עפּש, עץ חיים קיצור של״ה, [לבֿובֿ?
יאָר?].
אומגײַסט — דער, ־ער. שלעכטער, פֿאַלשער
גײַסט, דאָס פֿעלן פֿון גײַסט. „פֿאַר האָבן
אונטערגעבראַכט אויף אייביק דעם עקסטרעמסטן
פּראָדוקט פֿון ייִדישן א, און האַס“, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן.
אומגײַסטיק — אדי. וואָס איז ניט שייך צו
גײַסט; וואָס איז ניט גענוג גײַסטיק. א'ע,

רייןקערפּערלעכע באַציִאונגען. א'ע רייד. ־יקייט — טעמפּע א'.
אומגעַיסטלעך — אַדי. וואָס איז ניט שייך צום קלער אָדער ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן קלער. ־קייט.
אומגייעכץ — דאָס, ־ן, ־ער. 1. פּראָצעס פֿון אומגיין. אויך מיט ביטול. 2. דאָס מיט וואָס מע גייט אום (סחורה וואָס מע טראָגט אַרום, אומפּאַסיקע מלבושים וואָס מע טראָגט). סאַראַ א'! „וואָס מע קען שוין פֿאַרדינען פֿון אַזאַ א, ״.
אומגייעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אומגיין. אַן א, ביז שפּעט אין דער נאַכט.
אומגייער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס גייט אום; פֿאַרבײַגייער. „אַ שנײַדנדער ווינט בלאָזט און שטעכט ווי מיט נאָדלען די געזיכטער פֿון די א',„ י. באָוושאָווער, גש, נ״י 1911. 2. בעטלער, אַרומגייענדיקער הענדלער. אַן א, איבער די הײַזער. אַן א, איבער די וואַרשעווער הייף ־עריי.
— .
אומגעַיציק — אַדי. וואָס איז ניט־באַגעריק, ניט־קאַרג, ניט להוט עפּעס צו האָבן. ־יקייט — אַ גלײַכגילטיקייט, אַן א'.

אומגילטיק — אַדי. ניט־גילטיק, געפּסלט. א'ע
פֿאַראָרדענונג. מאַכן א', דערקלערן (פֿאַר) א'.
א'ע וואַלן. א'ער באַשלוס. א'ע מטבּע. „א, ווי
צוגעלעגענע סחורה“, אמד, די צוויי קליינע
קאַטערינסציקעס, ווילנע 1874. „האָבן...געוואָלט
מיט הילפֿע פֿון דער גײַסטלעכקייט דעם
טעסטאַמענט פֿאַר א, ערקלערן“, יצחק משה באַדער,
היינריך, קראָקע 1893. ־יקייט — “וועגן דער
א, פֿון עווקלידס געאָמעטריע אין דער קרומקייט
פֿון שטח“, נוטנ.
אומגימען — טרוו. אַרכ. Mhd: gimme.
אַרומנעמען מיט טײַערע שטיינער, מיט צירונג.
טח פֿאַרטײַטשט 'ויפֿזו זרועי ידיו, (בּראשית,
מט, 24): „אונ, איז וואַרן אום גימט ארים זײַן
הענד“.
אומגינסטיק — אַדי. דערעיקר ליטרש. פֿרגל
~גינציק. 1. וואָס פֿון דעם קען קיין גוטס
ניט אַרויסקומען; ניט פּאַסיק. א'ע באַדינגונגען.
-
א'ע צײַט, סבֿיבֿה אאַזוו. „עס זײַנען געווען

דיק בּלויז א'ע נאַציאָנאַלע סיבּות“, בּעמ I.

2. וואָס איז שווער זיך צוצופּאַסן צו דעם.
א, וועטער. „דער פּלאַן וועט ...ביי די
שווערסטע און סאַמע א'ע תּנאָים אויסגעפֿירט“, שנ,
ייִד, שרייַבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ־יקייט
-

— די א, פֿון די לעבנס־תּנאָים.
אומגינער — דער, ־ס. נעאָל. ניט־פֿאַרגינער.
„א'ס און קאָנקורענטן“, יט, 1930. ־יש —
אדי.
אומגינציק — אַדי. פֿטמ. 1. ניט
וואוילגינעריש. וואָס ווײַזט ניט אַרויס גוטסקייט,
אינטערעס, נאָר גלײַכגילטיקייט (און אָפּטמאָל
אַפילו אַ ביסל שׂנאה). „אַ לייַבלעכער ברודער
איז דיר אַמאָל א'ער ווי אַ פֿרעמדער
שוואַרציאָר“, רייד. א, ווי איין בעל־מלאָכה צו אַ
צווייטן. א, ווי אַ ברוגזער מחותּן. 2. דזוו
אומגינסטיק. „ביי שווערע עפּילעפּטיקער
באַמערקט מען טיילמאָל אויך א'ע פֿאַרענדערונגען
פֿון כאַראַקטער“ פֿגעז, פּאַריז 3 l951, No־5.

,

„און צוליב אַנדערע א'ע אומשטענדן, האָט די
אַרבעט זיך פֿאַרצויגן אַ סך לענגער ווי
פֿאָרויסגעזען„, ש. ווינער, עטיק, ישׂראל 1963. ־יקייט
— אַרויסווײַזן א'.

אומגיסן — טרוו. גיס אום, ~געגאָסן.
איבערגיסן. א, פֿון איין כּלי אין אַ צווייטער.
־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

-

אומגיסטיק — אַדי. א'ע שלאַנגען. ־יקייט.
אומגיריק — אַדי. ← אומגעריק.
אומגלאַזירן — טרוו. ־זיר אום, ~(גע)
גלאַזירט. גלאַזירן אויפֿסנײַ, נאָכאַמאָל. א, ליימענע
טעפּ. א, אַ ברעט פֿון אַ טיש.
אומגלאַט — אַדי. וואָס איז ניט (גענוג) גלאַט.
געהובלטע און דאָך א'ע ברעטער. א, אָפּגאָלן.
־קייט.
אומגלאַטיק — אַדי. וואָס איז ניט אינגאַנצן
גלאַט. אַ ביסל שאָרסטקע. א'ע אַרבעט. ־יקייט
— א, פֿון דער אייבערפֿלאַך.
אומגלאַטירט — אַדי. ניט געמאַכט גענוג
גלאַט. ספּעצ וואָס איז פֿון ליים, אָבער אָן
גלאַזור. א'ע כּלים. „מע נעמט אַן א'ע באַנקע“,
דבֿרי חכמים, [לבֿובֿ? יאָר]׳.
אומגלאַנציק — אַדי. ניט־גלאַנציק, מאַט,
או א'ע דאַ אַנץ אום, ~געגלאַנצט. אוטוו
בל י)קעס. ־יקייט.

ג אַנצן — ג
— גלאַנצן פֿינקלען אַ לענגערע צײַט. טראָפּנס

,

טוי גלאַנצן אום אויף די בלעטער. טרוו —
מאַכן אויפֿסנײַ אַ גלאַנץ. א אַ מעשענע כלי.

,

אומגלאָצן — אוטוו. גלאָץ אום, ~געגלאָצט.
אַ לענגערע צײַט אויסשטעלן די אויגן, וואַרפֿן
בליקן. א, מיט די עינים (אויגאַנעס) אויף (צו)
אַלע מיידלעך אין גאַס. ־עניש.
אומגלאָריפֿיצירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
גרויס געמאַכט מיט לויב, מיט כבוד. א'ע נעמען.
־קייט.
אומגלויבבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומגלייבלעך ←. „פֿיל זאַכין דיא זיא פֿר צילן פֿון
דיא צײַטן דיא אום גלאב באר זײַן“, שאַר.
אומגלויביק ←— אומגלייביק. „דארויף גינגה
איין שטים...אַן דעם פֿישר: זיהשׂט דוא נון, דוא
אונגלויביגער„, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק

אומגלייביקער

1718. “ער איז אַ שטאַרקער א'ער אין
גײַסטערגעשיכטן“, אמד, די גײַסטער געשיכטען, ווילנע

.1871

אומגלויבלעך — ← אומגלייבלעך. „עשׂ איז בּאַלד אום גלובּליך דשׂ דיא מענשן...“, שאַר. „עס ווילט זיך מקנא זײַן די מענטשן...א, און אוממעגלעך, אַז אין דעם געגנט זאָל זײַן צער פֿון מענטשן“, ח"י בּ־ר איבּז, סקיטאַלעץ, פֿעלד געריכט, וואַרשע 1907.

אומגלויבלעכקייט — ← אומגלייבּלעכקייט. “איז בּאַפֿרוכפּערט געוואָרן פֿון דער ' געטלעכקייט, און נאָך אַזעלכע א'ן,„ צבֿי כּהן, פֿאָר, .II 193 ◻ 2◻

אומגלויבּן — דער, ־ס. 1. שטאַרקער ספֿק, סקעפּטישקייט. „ער איז געווען פֿול מיט יאוש און א'“, ווײַס, 'דער איבּערגאַנג'. 2. ניטפֿרומקייט, אַפּיקורסות. „זײַן גאַנצע אַרבּעט איז געווען צו מאַכן אַ פּשרה צווישן א, און צוגעפּוצטער רעליגיע“, נש איבּז, שד 3 .◻III. פֿאַלשער, שלעכטער גלויבּן. „ווען זיא ניכט בּלײַבּן אין דעם און גלויבּן“, לבֿ בּניס על אבֿותס, האַלע .1732

אומגלויבּער — ← אומגלייבּער. “לערן תּורה דר וואַרטן דוא זאָלשׂט קענן ענטפֿרן דיא נכרים אונ, דיא אונגלויבּר„, צאינה, ראה.

אומגלוסט — די, ־ן. נעאָל. דאָס ניט־גלוסטן;

אָנתּאווהדיקייט; אײַנגעהאַלטנקייט. „קלוגע אויגן פֿון א'„, יג, איק, 1957 11 X.

אומגלוסטן — אוטוו & טרוו. גלוסט אום, ~געגלוסט. כּסדר גלוסטן. א, (נאָך) פּרויען. א, לוקסוס. ־עניש.

אומגלות — [...גאָלעס] דער, ־ן. נעאַל. היפּוך פֿון גלות. „ניט אין דער ספֿערע פֿון געראַכטאומגערעכט האָט זיך דער וויכּוח געפֿירט, נאָר פֿון פֿרײַ און אומפֿרײַ פֿון גלות און א'„, אפֿא,

,

געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש ־דיק — אַדי.

.

אומגלהיש — [...גאַל(אָ)כיש] אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ (פֿון) אַ גלח. זיך אויפֿפֿירן א'. ־קייט.

אומגליטשיק — אַדי. 1. ניט־גליטשיק. א'ער פּאַרקעט. 2. איר, אומגליקלעך. „גלײַך געפּועלט בײַ זיך: צו שלמה־דודן איז צו שלמהדודן — בין איך אויך ניט א'„, בערג, בײַם דניעפּער I. ־יקייט.

אומגליטשן זיך — אוטוו. גליטש זיך אום, זיך ~געגליטשט. אַ לענגערע צײַט זיך באַוועגן אויף (איבער) אַ גליטש. א, זיך מיט גליטשערס איבערן אײַז. —עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

אומגלייבווערדיק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
וואָס איז ניט ווערט, האָט ניט די ווערדע, אַז מע זאָל עס גלייבן. א'ע ידיעה. ־יקייט.
אומגלייביק — אדי. וואָס האָט ניט די אייגנשאַפט צו גלייבן; וואָס האָט אומצוטרוי, סקעפּטיציזם. קעמפן קעגן א'ע שׂונאים. ־יקייט — "זעלבסטמאָרד איז אַ פּראָדוקט פון א'", צײַט, טמז, 6 XII 1957.
אומגלייביקער — דער. וונ ־ביקע. סוב פון אַדי אומגלייביק. ספּעצ כּופר, ווער עס גלייבט ניט אין גאָט. זידלנאָמען פאַר אַ מענטשן פון אַן אַנדער אמונה. „אויסצוטיליקן אַזוי פיל

אומאוסגלייבלעך

גלייביקע (אַפּיקורסים) פון דער וועלט", אמד, די בלוט האָכצײַט פון פּאַריז, וו◌ נע 1870. „ווען מע האָט געהאַלטן בײַ אויפטרעטן קעגן אומגלייביקע, איז אַפילו אַזאַ ליכטיקער שטערן ווי ברוך שפּינאָזאַ אויך קיין יחסן ניט געווען", מר ◌, נ"י 1910. „דער בישאָף האָט...אַליין באַשריבן, ווי ער האָט אַרויסגעטריבן די אומגלייביקע,,, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אומגלייבלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט

אָדער עס איז שווער אין דעם (צו) גלייבן. א'ע פּאַסירונג. 2. אויסערגעוויינטלעך; סענסאַציאָנעל. א'ע סיטואַציע. „ער אימפּאָנירט איר א'", מ. בורשטין, גורל. ־קייט — „האָט זי מיט שרעק און דאָך מיט א, געקוקט אויף אים", וויַיס, ,איינער אַ מענטש'.

אומגלייבעוודיק — אַדי. דזוו אומגלייבלעך, אָבער ווי אַ באַשטענדיקע אייגנשאַפֿט. א'ער וויסנשאפֿטסמאַן ־יקייט.

— .

אומגלייבער — דער, ־ס. 1. ניט־גלייביקער; כופֿר, אַפּיקורס. „דער וואָס האָט ניט קיין אמונת חכמים...דער דאָזיקער איז עס אַן א'...זיַין נשמה וועט געוויס אייביק אין גיהנום ברענען", 'גדולת ר, וואָלף...., [יפּ]. „'שטיי אויף דו, א',", ל. פּינקעלש טיין, פֿון לאָנדאָן קיין אינדיע, וואַרשע 1895. 2. ווער עס האָט אַן אַנדער גלויבן. „מע שטיקט [די ייִדן], מע ווערגט — און אַלץ אונטער דער רעליגיעזער מאַסקע, וויַיל זיי זענען ווערט, זיי זענן א'", ייִפֿאָל, 44 1886' No. ־יש — אַדי.

אומגליַיך — אַדי. 1. ניט־גליַיך, ניט־גראָד. א'ע פּראָפּאָרציע. „[דעם רשעס] פֿלין איז אום גליַיך צום פֿל פֿון צדיק דער ווידר קאַן אויף

קומען, אבער דער פֿלט אונ, קאַן ניט ווידר אויף שטין,,, סהמ, איובֿ, ח, 18. ער איז מײַן א'ן = ניט גלײַך צו מיר (לויטן יחוס, אָפּשטאַם, פֿעאיקייטן אאַ). א'ער וועג = מיט גריבער, מיט בערגלעך. ,,דיא אום גלײַכן וועג ווערן זײַן צו גלײַך'', סהמ, ישעיה, מ, 4. א'ער קריג, געראַנגל, פֿאַרמעסט אע = ווען די צדדים זײַנען א, אין כּוחות. ,,אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ שטרײַט מיט אַזוי אַן א'ן קעגנער,,, אמד, דער וואַל פֿיש, ווילנע 1866.

2. ניט־גלײַך צווישנאַנאַנד. א'ע פֿיס. א'ע אויגן. א'ע קאָמפּאַניע. ,,די שמידן האָבן געקלאַפּט מיט זייערע א'ע האַמערן די אָנגעבּרענטע אײַזנס אויף די קאָוואַדלעס'', צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזש ואַזיע, וואַרשע 1906.

3. אומפּאַסיק; וואָס איז ניט צוגעפּאַסט. א'ע פּאָר. ,,אונ זולכר שידוך אום גלײַך איזט'', ר, יוסף דאַרמשטאַט, [איבֿז], תּורת משה, קאַרלסרוא 1770.

4. וואָס איז ניט על־פּי דין, ניט על־פּי מאָראַל. גיין אויפֿן א'ן וועג. ''אויך דײַן קרומה און אומגלײַכה שטיקן טואה איך דען בּיגערין,,, עיון, סה/ב. ,,נעם דיר ניט זעלכי אום גלײַכה דרכים פֿיר וואז ניט מיגלך איז'', פּראָגב, 1.

ווי א'! = ווי קרום! טענדלאַו, 95. „איר העט
ווארהאַפטיג אום גלײַך גטאן„, יוסיפון פיורדא

,

.17□4
5. אומגערעכט. „[אויב דו טראַכסט אַז די
רייד פון פאָטע□] איז א', זאָלסטו אים [דעם

פאָטע□] דאָך געווינען געבן און זאָגן: מײַן
ליבער פאָטער, דו רעדסט גאָר גלײַך", ר, אַבֿרהם
עפשטיין, ברך אַבֿרהס, לאַשצובֿ 1817. *האָבן
מיט א, = זײַן אומגערעכט. אַרכ. „און, דער
זמרי האָט דא מיט און גלײַך געהאַט, דען משה
האָט גנומן דיא טאָכטר פון יתרו אי [= איידע□]
דיא תורה איז גיגעבן גיווארן", מהמ, יא/ב.
6. ניט אַקוראַט, ניט־פינקטלעך, ניט־געהעריק.
-
אַן א'ע שריפט. "פעליקן וליקש איין אַנדרן
פפייל נאַם און, שוש אבר איין שוש איין און
גלײַכן", בבא־בוך, 370. „דער איזל דען זאַק
גאַר א, טרוג", ספר משלים, פפדמ 1686.

7. וואָס איז ניט אַזוי, איז אַנדערש;
ניטגלײַכוּוערטיק. "מיט דעם פֿייאר פֿון מזבח דאשׂ
עז איז א, צו אַנדרי פֿייאר", ר, אבֿא בר, שלמה,
סוד הנשמה, אַמשט 1696. „עשׂ איז גאַר און
גלײַך צווישן איין (מלך בשׂר ודם) אודר צווישן
(הקדוש ברוך הוא)", לט1, 2/7.
8. אַרכ. אומפֿאַרגלײַכלעך. „און, דיא חכמים
האבן גיזאגט אין דער (גמרא) אינו דומה מועטין
העושין את התורה, דשׂ איז טײַטש, עשׂ איז א,
וויניג דיא דא תורה לערנן צו פֿיל לײַטן„,
צאינה, וידא.
או'מגלײַ'כאַרטיק — אַדי. וואָס איז ניט פֿון
דעם זעלביקן מין, ניט אויפֿן זעלביקן אופֿן.
א'ע אַנטוויקלונג. ־יקייט.
או'מנלײַ'כבאַרע'כטיקונג — די, ־ען. נעאָל.
פֿאַלשע כלומרשטע גלײַכבאַרעכטיקונג. "אַ
רעגירונג מיט קריגצושטאַנדן, מיט פֿאַרמאַסקירטער
א', מיט אַ שאָוויניסטישער אַדמיניסטראַציע",
ימ, נײַס, 1922.
או'מגלײַ'כגילט — די (?), ־ן. נעאַל. זיך
באַציִען צו עפּעס מיט א'. פּרווו צו פֿאַרבײַטן
דאָס לענגערע וואָרט אומגלײַכגילטיקייט.
או'מגלײַ'כגילטיק — אַדי. וואָס האָט אַן
אינטערעס צו עמעצן, צו עפּעס. זײַן צו עפּעס

א'. ,,ניט אַלע האָבן זי ליב, אָבער אַלע זײַנען
א, צו איר‘‘, רייד.
או'מגלײַ'כגעוויכט — דאָס (די), ־ן.
אומבאַלאַנס אין וואָג. אין אַ צײַטווײַליקן צושטאַנד
פֿון א'. א, צווישן די קעמפֿנדיקע צדדים. ,,אַ
טיפֿע א, אין דער פּסיכיק,,, טמז, 3 ▯1961 II.
,,קעגן אַ מיליטערישער א, אין מיטעלן מזרח,,,
א. ווײַזעל, פֿאָר, ▯)1 ▯19 III.
או'מגלײַ'כגדאַדיק — אַדי. וואָס איז ניט
פֿון דעם זעלביקן גראַד, מדרגה. אַן א'ע
אײַנטיילונג. א'ער אויסשפּרייט פֿון מעטאַלן.
־יקייט.
אומגלײַכהייט — די, ־ן. די א, אין דער
געזעלשאַפֿט. ‘‘די דאָזיקע אידייע [פֿון דער
סאָציאַליסטישער באַוועגונג] צו באַצייכענען ווי דעם
מינימום פֿון א', אָדער ווי געזעלשאַפֿטלעכע
גערעכטיקייט‘‘, אונזער צײַט, 1963, 1.
או'מגלײַ'כווענטיק — אַדי. מאַרק ווב. וואָס
די ווענט(לעך) פֿון דעם זײַנען ניט גלײַך. א,
בוידעם־שטיבל.
או'מגלײַ'כווערטיק — אַדי. וואָס האָט ניט
דעם זעלביקן ווערט. א'ע טענות, אַרגומענטן.
־יקייט.

אומגליק

או'מגלײַ'כזײַטיק — אַדי. מאַרק ווב. וואָס
די זײַטן פֿון דעם זײַנען ניט גלײַך. א'ער דרײַעק.
או'מגלײַ'כמאָסיק — אַדי. פּפֿ: ~
גלײַכמעסיק. וואָס האָט ניט די זעלביקע מאָס, דעם
זעלביקן קוואַנטום; וואָס איז ניט אויף אַ גלײַכן
אופֿן. א'ע טעמפּעראַטור. א'ע באַמיאונגען. א'ע
אַרבעט־פֿאַרטיילונג. א'ע טעמפּעראַציע, מוזט.
־יקייט.
או'מגלײַ'כצײַטיק — אדי. וואָס איז ניט אין
דער זעלביקער צײַט. א'ע געשעענישן. א'ע
אָפּשאַצונג ־יקייט.

.

אומגלײַך־צייכן — דער, ־ס. (מאַט) צייכן
וואָס ווײַזט אויף ניט־גלײַכקייט — □ל:.
או'מגלײַ'כקאַנטיק — אַדי. וואָס האָט ניט
קיין גלײַכע קאַנטן. א'ע קרישטאָלן. ־יקייט.
אומגלײַכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגלײַך. [א, —
אַן אַלגעמיינער באַגריף, אומגלײַכהייט נאָר אַ
געזעלשאַפֿטלעכער]. א, פֿון עטלעכע גרייסן.
א, אין באַציאונגען צווישן מענטשן. „דאָס פֿעטס
פֿון דער אונטעדהויט פֿילט אויס אַלע א'ן פֿון

קערפּער און גיט אים די שיינע רונדע פֿאָרעם,,,
דר, י. איפּ פֿגעז, פּאַריז 1 l948, No. ,,די
רע -
אַקציאָנערע...דעפּוטאַטן האַלטן זיך נאָך שטאַרק
פֿאַר ייִדישער בירגערלעכער א'“, נש איבּז, שד
III . ,,אין יעדער געזעלשאַפֿט, אַפֿילו אין אַ
דעמאָקראַטישער, זײַנען פֿאַראַן א'ן“, ש.
מאַרגאָשעם, טאָג, l6 II 1963.
אומגליק — דאָס (דער), ־ן. 1. צרה. יעדער
מין געשעעניש, פֿאָרקומעניש וואו עס ווײַזט זיך
אַרויס דער היפּוך צום גליק. אַרײַנפֿאַלן,
אַרײַנקריכן פֿאַרקריכן אין אַן א, פֿאַרשלעפּס ווערן
, .
אין אַן א'. אַרויסציִען, אַרויסשלעפּן,
אַרויסקריכן פֿון אַן א'. לאָזן אין אַן א'. אָנמאַכן אַן
א'. אָט אין דעם טאַקע איז דאָס (דער) א'! הען,
געזען, געהערט — אַן א'! באַקלאָגן אַן א',
שאָקלען מיט די קעפּ בײַ (אויף) אַן א'.
בײַם באַ ק ל אָ ג ן (זיך): אוי אַן א', אוי אַ
בראַך. אַן א, איז מיר געשען, האָט מיך
באַגעגנט, געטראָפֿן! אַן א, האָט זיך אויף מיר
אויסגעריסן! “עס טרעפֿט זיך אַ צרה, אַ בראָך,
אַן א'“, שע. מיטן א, אין האַנט = אים טרעפֿט
ניט אַן א', נאַר וואו ער רירט זיך ניט, האָט ער

דעם א, בײַ זיך. י□Iראל קאַפּלאַן, דאָס
פֿאַלקסמויל אין נאַצי־קלעם.
קללות: אַן א, זאָל דיך טרעפֿן. אַן א,
אויף אים (זײַן קאָפּ, זײַן לײַב און לעבן!).
אַן א, אים אין די זײַטן (בויך, קישקעס)! איין
א, איז פֿאַר דיר ווייניק!
פֿון גליק צום א, איז אַ שפּאַן, פֿון א, צום
□
גליק איז אַ מײַל (אַ שטיק וועגס),,, שוו. „אַז
דאָס א, איז גרויס — איז די הילף נאָענט“, שוו.
„א, בינדט צונויף“, שון. „פֿאַד איינעם אַ טובֿה,
פֿאַרן צווייטן אַן א'“, שוו. „דעם ייִדן מײַדט
קיין א, ניט אויס“, שוו. — „א, וואו קריכסטו?
— צום קבצן“, פֿוול.
“איך מיינט, איך ווער אויז אַל מײַנם
אונגליק“, בבֿא־בוך, 503 [דאָרטן אויך: אונגליג,
אונלוק, אונליג]. „דען אַלי און גליק...דיא אין
דער וועלט גשיכט, ווערט גערן דורך דן ווײַן
פֿר ריכט“, צוכט. „גאָטס צאָרן האָט זיך

אויסאומגליקהאַפּטיק

געגאָסן...אויף די אַרומיקע שטעט. ס'האָט זיך
אָנגעהויבן פּאָגראָמען מיט שלעק, מיט א'ן,,,

ממוס, שטודעמציַיט.

2. ספּעצ אַן איינציקער באַשטימסער פּאַל פֿון שלעכטן מזל; אומגליק(ס)פּאַל; שלעכטער טראַף, רע־מזל, סיבּה (קראַנקייט, אָנווער פֿון געזונט אָדער געלט, שׂריפֿה אאַזוו). אַן א', ער האָט געבּראָכן אַ פֿוס. „צו יעדן א, דאַרף מען האָבּן גליק“, שוו. „בּיַי יעדן א, איז אויך פּאַראַן גליק“, שוו. „אַז דאָס א, דאַרף איינעם טרעפֿן, טרעפֿט עס אים אויפֿן גראָדן וועג (אונטער דער פּערענע, אין דער אייגענער היים)“, שוו. „פֿון אַן א, ווערט מען קלוג פֿון אַ שׂריפֿה ווערט

,

מען ריַיך„, שוו.

„דאז מיר מיַין גרויש...און גליק ניט גוטריימיט [= געטרוימט, געחלומט] האָט„, גה, 293.

„טאָמער חלילה אַ פּאָגראָם, אַ כאָלערע אָדער אַזוי עפּעס אַן א, פֿון די היַינטיקע א'ן„, שע.

„אַזאַ א, אויף זיך געבּראַכט! ווען זאָל איך באַשולדיקן?“, פּה פֿון וויַיטע לענדער. איר.

,

אַן א, אין שטאָט (שטעטל), אַן א, אין באָד.

*אָן אַן א', ניט קיין א, = א) ס'איז אָן סכּנות; בּ) עס מאַכט ניט אויס.

3. שלימזל. אַ שטיק א'. — אַ מאַן איז ער?

אַן א, איז ער. אַן א', ניט קיין בעל־מלאָכה.
,,אַז מײַן א, גיסט זיך אָן אַ גלאָז טיי, בריט ער
זיך אָפּ און צעברעכט די גלאָז,,, רייד.
אומגליקהאַפּטיק — אַדי. אַרכ. דזוו
אומגליקלעך. ,,ער ניט וואָלט פּון דען און
גליקהאַפּטיגן מאַן רוט אַנטפּאַנגן,,, ספּר משלים,
פּפּדמ 1686.
אומגליקהערער — דער, ־ס. ענצגאַלד. פּויגל
פּון דער
ראָבנמשפּחה, נאָר אַ
ביסל גרעסער ווי אַ
געוויינטלעכער ראָב,
מיט ברוין־גרויע
פּעדערן. לעבט אין
פּײַכטע וועלדער אין
צפּונדיקן קלימאַט,
מערסטנס אין
סיבירער טונדרעס ביז
צו דעם האַלבאינדזל סאַכאַלין. Perisoreus
.□n□astus
אומגליקזעליק — אַדי. דטשמ. 1.
אומגליקלעך; וואָס האָט אַ ביטערן מזל. 2. וואָס איז
ניט אין צושטאַנד פּון זעליקייט.
אומגליקזעליקייט — די (דאָס), ־ן. נעאַל.

צאַרטע, שטילע אומגליקלעכקייט. „זאָל געמאָלט זײַן אַ שטילע, געבּענטשטע אומגליקלעכקייט? און זי זאָל זאַכט און וואַרעם שטראָמען אין אַלע אבֿרים? א, איז דאָס נײַע וואָרט פֿאַר [אַזאַ געפּי□]“, חיים ליבֿערמאַן פֿאָר, 1962 □י 18.

אומגליקלעך — אַדי. 1. וואָס איז אין אַן אומגליק. אַן א'ער מענטש. „איך בּין רעכט אונגליקליך,...דאשׂ איך אַן דיזן אורט גקומן בּין“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718. „די אָרעמע קראַנקע פֿרוי איז א'...אַן אומגעהערטער אומגליק האָט איר געטראָפֿן„, גבּי״ר מווילנא [גבֿריאל ראַוויטש], ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. ‟אָט דעם א'ן בּאַשעפֿעניש זאָגט מען: לערן זיך

אויס!„, ממוס, קליאַטשע. מ אַ כ ן א'. אונטערצינדן, מסרן און מאַכן א'. דער חבֿרה־מאַן מאַכט מיך א'! אָפּט סוב. „די יללות און דאָס קרעכצן פֿון א'ע פֿון אָבידעטע און נויטבּאַדערפֿטיקע„,

ממוס, טאַקסע. „איר געפֿינט שטענדיק דעם

בעסטן אויסגאַנג פֿאַר יעדן א'ן,,, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

2. וואָס פֿירט צו אַן אומגליק, בינדט זיך מיט אומגליק; שלעכט. אַן א'ע סיטואַציע. אַן א'ע צײַט. *א, אויסשלאָגן, אַרכ = אויסלאָזן זיך, אַרויסקומען א'. "איזט דאָך זולכיש גאָר און גליקליך אויז גישלאַגין", גה, 277. „אַזוי א, האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס פֿרײַנדשאַפֿט צווישן אים און משהלען", ווײַס, 'דער אָרעמער יונג'.

אומגליקלעכערווײַז — אַדוו. אויף אַן אומגליקלעכן אופֿן. זיך געפֿינען א, בעת אַ קאַטאַסטראָפֿע.

אומגליקלעכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגליקלעך. „פֿאַרשאָלטענע א',,, צײַט, שאָטנס אויפֿן שניי.

אומגליקן — טרוו. אומגליק, געאומגליקט. נעאָל. נר. מאַכן אומגליקלעך, פֿאַראומגליקלעכן. „דו שפּײַזסט מיט לײַדן מײַנע נעכט און אומגליקסט מײַנע טעג,,, י. מאַניק, טריט אין באַגינען.

אומגליק(ס)פֿאַל — דער, ־ן. ← אומגליק, ב2. „ער איז געוואָרן צוליב אַן א'...אַן

אייראָפּעאישער שרײַבער,,, בעם II.

אומגמראדיק — [...געמאָ'רע...] אַדי. וואָס איז ניט לויטן נוסח פֿון דער גמרא. ,,די שפּראַך פֿון דער איבערזעצונג איז אַזוי א', עפּעס קלעפּט זיך ניט,,, קאָר II.

אומ □ — די, ־ן. פּפֿ: ~גענאָד. היפּוך פֿון גנאָד. אַרײַנפֿאַלן אין א'. ,,אונזר פֿײַנד דיא אונז דורך איר שקרים וועלין אין און גינאד ברענגין“, אליעזר זוסמן רודלסום איבז, יודשר טרייאק, אַמשט 1737. ,,מיר ווייסן ניט צי זײַנען אַלע 5 ייִדישע רעדאַקציעס אין א, אָדער האָט זיך איינער פֿאַרזינדיקט און פֿאַר אים לײַדן אַלע,,, ייִפֿאָל, 1882 □י8 I.

אומגנאָדיק — אַדי. פּפֿ: ~גנעדיק. וואָס איז אָן ג(ע)נאָד אָדער מיט זייער ווייניק ג(ע)נאָד. א'ע מעשׂים, רייד. ,,דער הימל (גאָט), וואָס וואַר אומגנעדיק קעגן די עלטערן,,, אמד, עווגעניע, ווילנע 1878. ־יקייט.

א□ □גע־ — די ווערטער וואָס מע

גע□

פּינט ניט מיט א□גע... ← אומ □־ דעס ערשטן אות פּון שטאַם.

או'מגעאַ'דלט — אַדי. וואָס האָט ניט באַקומען

דעם ראַנג, טיטל פֿון אַדל. "דער איינציקער פּרעמיער פֿון ענגלאַנד וואָס איז געשטאָרבן א'". ־קייט.

אומגעאיבט — אַדי. דטשמ. אומגעניט. א'ע הענטלעך. "לחלוטין א'ע אַרבעטער", פֿגעז, פּאַריז 1950, No 1.

או'מגעאײַ'לט — אַדי. וואָס איז ניט אין אײַלעניש. א'ע באַוועגונגען. "[זײַן] טעמפּאָ איז מער פּאַמעלעכדיק, א„ לאַנגזאַם און פּאַוואָלנע", נ. זאלאָוויץ, פֿאָר, 19 IX 1964. ־ערהייט — אַדוו. טאָן עפּעס א', כמעט פּאַמעלעך ־קייט.

.

אומגעבאַכן

או־מגעאַ'כט — אַדי. 1. וואָס אויף דעם ווערט ניט געלייגט קיין אַכט. א'ע רייד. 2. וואָס מע גיט ניט אַכטונג אויף דעם. לאָזן א, עפּעס אָדער עמעצן. 3. וואָס מע קען ניט באַאַכטן, אָבסערווירן. „דער אַבסאָלוטער שטח בלײַבט נאָך זײַן נאַטור נאָך א'„, גוטנ.

אומגעאָמעטריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי עס איז אָנגענומען אין געאָמעטריע. א'ער באַווײַז.

או'מגעאַ'נדערשט — אַדי. 1. פּאַר אומאַנדערשן ←. איבֿערגעאַנדערשט; וואָס איז געמאַכט אַנדערש. 2. ניט־געאַנדערשט, וואָס איז געבֿליבֿן ווי פֿריִער. דער טאָן פֿון דער רעזאָלוציע איז געבֿליבֿן א'. ־קייט.

או'מגעאַ'נט — אַדי. דטשמ. וואָס מע האָט וועגן דעם ניט קיין פֿאָרגעפֿיל, קיין אָפּדאַכטעניש; וואָס דאָס האַרץ האָט ניט געזאָגט. אַן א'ע צרה. "אַן א'ע אַחדות צווישן כּל־ישׂראל", ש. בּיקל, טמז, 28 IX 1962.

או'מגעאַ'קערט — אַדי. 1. נישט־געאַקערט. אַן א'ער פּאַס. „איר זאָלט ניט מער שרײַאן ווען איר פֿול מיט זינד זײַט נייארט דאָרך דר תּשובֿה, זונשׂט ווערט איר גלײַך אַז איינר דער דאז זיאט אום גיאַקרט, דא ווקסן דערנר", סהמ, ירמיה, נד/בֿ. 2. פֿיג. וואָס גיט ניט אַרויס קיין גערעטעניש; ניט־צו▯עגרייט. אויפֿן האַרטן, א'ן אַמעריקאַנער באָדן. 3. [אַקצענט נאָר אויף או'מ־] פּאַר פֿון אומאַקערן ←. פֿאַראַקערט. „עס זאָל ניט בלײַבן אַ פֿערטל קבֿ ניט א, [שאינו הפֿוך] אין אַ בּית־סאה", זרעיס, לז/בּ. ־קייט.

אומגעאַרבעט — אַדי. 1. איבֿערגע▯ ▯רבעט, איבֿערגעניצעוועט. א'ע קליידער. 2. אַר':. וואָס האָט נאָך ניט פֿונקציאָנירט, ניט געאַרבעט.

„(שׂכל היולאני) איז טײַטש איין אום
גיאַרבּייטר (שׂכל)„, איבּז א. י. אויערבּאַך, בּחינות
עולס, זולצבּאַך 1744. 3. אַרכ. אומבּאַרבּעט.
„מוזן אופֿט גאַר לאַנג ליגן אום געאַרבּט„, עפּש,
דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ־
ערהייט — אַדוו.
אומגעאָרדנט — אַדי. 1. פֿאַר אומאָרדענען
←. 2. וואָס איז אין אַ שלעכטער אָדער
גאָרניט קיין אָרדענונג. „אין־דער־אמתן איז די סיבּה
פֿון דער דאָזיקער קראַנקייט [שטאַמלען] אַן א'ע
אָדער געשטערטע נערוון־סיסטעם“, ייִבּל ₪וXI,
1־2. ־קייט.
אומגעאָרעמט — אַדי. אויך: ~געאַרעמט.
דטשמ. נר. אַרומגענומען מיט אַן אָרעם. פֿירן
אַ פֿרײַנד אונטערן האַנט, א'. דער אורח
פֿאַרטײַטשט 'סבֿכים, (נחוס, א, 10): „אומגעאַרעמט“.
„אָ, דריק מיך פֿעסטער, א', דו האָסט אין מיר
דײַן לעצטן פֿרײַנד“, סעג. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעבּאָטן — אדי. וואָס מע האָט ניט
געבּאָטן, ניט בּאַפֿוילן. „א'ענער תּענית„, אמד, די
נאַכט פֿון ט“ו כּסלו, ווילנע 1893. ־ערהייט
— אַדוו. טאָן עפּעס א'.
אומגעבּאַכן — אדי. אונגיי. דזוו אומגעבּאַקן.
„ווען מאַן זי [= די מצה] האָט אַרויסגענומען

אונגבאַכן, דאַרף מען ניט צוריק טון אין אויוון, זי איז חמץ,,, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1866.

אומגעבּאַקן

אומגעבּאַקן — אַדי. ניט־געבּאַקן, ניט־דערבּאַקן. א, בּרויט. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעבּאָ'רן — אַדי. פּפֿ: ~געבּוירן. ניטגעבּאָרן. ,,איין פֿאַר שפּרעכר וויל איך זעלבּר זײַן, שפּראַך זיך דער אונ, גיבּארן", ,מדרש ויושע', פּראָג 1686. ,,פֿול מיט אַלע לאַנג־פֿאַרגליטע זונען און א'ענע געזאַנגען", יהואָש, 'אויפֿן שטראָם'. ,,איך קוק אַרײַן אין אַן א'ענער און שעמעוודיקער וועלט,,, ימ איבּז, טאָמאַס מאַן, טאָניאַ קרעגער. "איך זאָל ניט בּלײַבּן אייבּיק א,", סוצ, ייִדישע גאַס. ־קייט.
אומגעבּויגן — אַדי. [וועגן אַקצענט ← דוווו] 1. פּאָר אומבּייגן ←. 2. ניט־געבּויגן, גלײַך. אַן א'ענער רוקן. ,,אונד ווען דער שטריך פֿון דר (חכמה) זעהר לאַנג אונד אום געבּוגין איזט אונד גיהט בּיז אונטר דיא פֿינגר, דשׂ ווײַזט אויף קלוגהייט אונד פֿר שטענדיקייט", איבּז פֿון ר, מ. א. גאלינו, חכמת היד פֿפֿאָ תקנ"ט.

,

„קעפּ א, פֿון זאָרג און לײַד“, י. באָװשאָװער, געזאַמלטע װערק, נ„י 1911. „געפּלוידערט װעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און דעם א'ענעם װילן פֿון אַרבעטער־קלאַס“, די גאַרבער שטימע, מאָסקװע 2 1924, No־3.

־ערהייט — אַדװ. ־קייט.

או'מגעבויט — אדי, פּאַר אומבויען ←. איבערגעבויט, אַנדערש געבויט. אַן א'ער אַלטער בנין. [אומ־ איז דאָ דער קאָנװערב, שטאַרק אַקצענטירט] ־ערהייט — אַדװ.

.

או'מגעבוי'ט — אַדי. ניט־געבויט. „די יורשים האָבן זיך געקריגט און דאָס מײַערל איז געבליבן א',„ רייד. [אומ־ איז דאָ דער נעגאַציעפּרעפֿיקס, שװאַכער אַקצענטירט און אַן אַקצענט אויפֿן שטאַם.]

א'מגעבוי'ערט — אַדי. װאָס מע האָט ניט אויסגעהוילט דורך בויערן. א'ע ברעטער. ־ערהייט — אַדװ. ־קייט.

או'מגעבוי'רן — אַדי. ← אומגעבאָרן.

אומגע'בונג — די, ־ען. דטשמ. נר. 1. אומגעגנט, געאָגראַפֿישע סביבֿה. קענען די גאַנצע א'. „װען מע זעט דאָס איבער ייִדן איז געקומען

אַ שׂונא, מוזן די נעבן־ליגנדע מקומות אין די
א, גוזר תּענית זײַן“, עקיבֿא יוסף שלעזינגער,
עמוד היראה, קאַשוי 1866. 2. קרײַז, מיליע,
סאָציאַלע סבֿיבֿה. קענען אַלעמען אין דער א'.
,,וואָס פֿאַר אַ דור און וואָס פֿאַר אַן
אַרבעטספּעאיקע מענטשן קענען אַרויסוואַקסן פֿון אַזאַ
א,?“, זש, פֿגעז, פּאַריז 1948, No 1. ,,אַשס
בילדער, ווען ער באַשרײַבט די נאַטור און בכלל
די א', זײַנען דאָס רובֿ געגומען פֿונעם
פֿאַמיליע־לעבן,,, שנ, שלום אָש. ,,כּדי צו שטאַרקן
ייִדישקייט אין אַ ניט־ייִדישער א'“, טמז, 1962
1 ▯ XI.
אומגעבונדן — אַדי, פּאַר אומבינדן ←.
אַרומגעבונדן. [אומ־ איז דאָ דער קאָנווערב, שטאַרק
אַקצענטירט] ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

. .
או'מגעבו'נדן — אדי. ניט־געבונדן [פֿרגל דפֿוו.
וועגן אַקצענט ← אומגעבויט]. ,,דער
גאָווערנאָר...האָט דערלאַנגט פֿלאַכקייטן מיט א'ענע
פֿראַזן“, יג, טמז, 17 ▯ 1964 II ־ערהייט —
.
אַדוו. ־קייט.

אומגעבּיטן — אַדי. [וועגן אַקצענט ← או'
מגעבּוי'ט]. 1. איבּערגעבּיטן. „דער כּישוף ווערט
צערונען און מיר זעען פּלוצלינג ווידער...[דעם
קיני] ווי אַ חיה א'‟, מר, לעבּנס־
באַשרייַבּונגען..., נ‟י 1906. 2. ניט־געבּיטן. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
או'מגעבּי'לדעט — אַדי. א, ווי אַ פּויער.
„א'ע לייַט מיט איין וואָרט...עטלעכע ווילדע
אַזיאַטער‟, מרדכי אָסטראָווסקי, אַ מענטש אָהן
א קאָפּ, זשיטאָמיר 1876. „אויסבּעסערן,
אויסרייניקן פֿונעם מיסט [אונדזער זשאַרגאָן] וואָס
אייניקע א'ע און טאַלענטלאָזע קליינע
שרייַבּערלעך...האָבּן אָנגעמאַכט„, אבּג, יודישע
פֿאָלקסבּיבּליאָטעק, קיִעוו 1888, No 1. „ס'איז
אוממעגלעך, אַז אַן א'ער...פּראָווינציאַל זאָל האָבּן אַזוי
פֿיל ידיעות‟, י. גאָלדקאָרן, אונזער צייַט, 1964,
5. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
בּע בּירל — אַדי. אַרכ. פּפֿ: ~
געעך
אדמ
לעך. אומפּאַסיק, ניט־לייַטיש. „קייניר
האָט קיין און גבּירליך וואָרט ווידר דען אַנדרין

גירעט", גה, 181. „אבֿר ער זיא נור איין מאהל געשלאגין, ווײַל זיא איהמי אוהן גבֿיהרליכי ריד גיגעבֿין האָט", יורה חטאָים, פֿיורדא 1786.

או'מגעבֿליי'כט — אַדי. ניט־־באַאַרבֿעט, רוי (ווען לײַוונט, וואָס מע האָט ניט געווייקט און געטריקנט, געבֿלייכט עטלעכע מאָל, כּדי צו מאַכן פֿײַנער, ווײַסער, בּלייכער) ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעבֿע'טן — אַדי. 1. וואָס איז ניט פֿאַרבֿעטן געוואָרן צו קומען (צו גאַסט, צו אַ שׂמחה). „אַן א'ענער גאַסט איז ערגער ווי אַ בּלאָטער (טאָטער)", שוו. „גוטע געסט קומען א'", ש וו [וועט אַ פֿרײַנד קומט אַרײַן אומגעריכטערהייט, אָדער ווערט געזאָגט כּדי דער א'ענער זאָל זיך ניט פֿילן שלעכט]. „אונדזער שטאָט ווילנע ווערט געפּלאָגט פֿון ניט־היגע א'ענע געסטע...פֿיל מער אַלס פֿון פֿליי אום תּשעהבאָבֿ", אמד, דער אונצײַטיגע בּעזוך, ווילנע 1878. "די ציוויליזאַציע...איז פֿאַר גוטסקייט געקומען אַהער א', מיט בּלוט און פֿײַער און זײַלן רויך", ממוס, קליאַטשע.

2. ניט־געבֿעטן. א'ענע געשאַנקען. „אַז מע נעמט א, קריגט מען איבּער די הענט", שוו. „אַ

סך זענען דאָ, וואָס נעמען גאָר א',,, ייִל, דער פּריטשעפּע, אַדעס 1876.

3. פּרײַווילי‌ק, אומגעצוואונגען, אָן אַן אויפֿפֿאדערונג פֿון אַן א'ענער טובֿה קומט אַרויס

,, .

אַ רעה,,, שוו . אויך בּ4). זיך אָננעמען א, (פֿאַר) עמעצנס קריוודע. ,,ער בּרענגט מיר אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכן גאָר א'", טויזנט און איין טאָג, ווילנע 1878. "פֿאַרזאָרגן אונדז, אָרעמע ייִדישע קינדער, גאָר א'", ממום, ווינטשפֿ.

4. וואָס מען איז מיט דעם ניט צופֿרידן (און לית־בּרירה מוז מען פֿאַרשווײַגן). אַן א'ענע עצה. א'ענע קינדער בײַם אָרעמאַן. ־ערהייט — אַדוו. "די אַלע וואוילע דרשנים וואָס מאַכן זיך א, פֿאַר אָפּעקונעס איבּער אונדז", ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,,זיי שטעלן זיך אַרויס אַלס אונדזערע כּלל־טוער, אַלס אונדזערע פֿאַרטרעטער א'", מר י, נ"י 1910.

אומגעבּרענט

או'מגעבּע'נטשט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט

באַקומען קיין ברכה. א, פֿון זיידן. 2. וואָס
האָט ניט געבענטשט נאָכן עסן. זיך אויפֿהייבן
פֿון טיש א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעבעניש — דאָס (די), ־ן. 1. דאָס
אַרומיקע. 2. מעבל און אויסשטאַטונג פֿון אַ
צימער. אַ שיין א, אין אַן אָרעם הויז.
או'מגעבראָ'טן — אַדי. ניט־געבראָטן. א,
פֿלייש ־ערהייט — אַדוו.

.

אומגעבראַכט — אדי, פּאָר אומברענגען ←.
אויסגעהרגעט פֿאַרטיליקט. א'ע קהילות,
ייִשו,
בים. די א'ע מיליאָנען ייִדן. „דער שטאָלץ פֿון
רעוואָלוציאָנערן זײַנען זייערע א'ע
פֿאַרטיידיקער“, מר III, נ„י 1908. ־קייט.
או'מגעבראָ'כן — אַדי. 1. פּאַר אומברעכן
← [מיט איין אַקצענט אויף אומ־]. 2. ניט־
געבראָכן, שטאַנדהאַפֿטיק פֿעסט. א'ענער מוט.

,

א'ענע פֿאַרטיידיקונג. „אַ נײַער...דאָקומענט וועגן
וואַרשעווער געטאָ, וואָס אַנטפּלעקט...די א'ענע
עקשנות און ווילן צום לעבן„, ש. ל.
שנײַדערמאַן, טמז, 1962 XII 19 פֿאָדערט...דעם א'
ע. „

נעם ווילן צום דורכהאַלטן,,, רעדע פֿון דעם
דעפּוטאַט איגנאַצי יעגער אויף דעם פּלענום פֿון
דער סיים־זיצונג, לבֿובֿ 1932. 3. כּסוריק.
וואָס ציט זיך אָן איבֿעררײַס. ,,דעד גלות איז
מער ווי צוויי מאָל אַזוי די לענג ווי די יאָרן
פֿון מלוכהשאַפֿט, און עס איז אַ דורכויס א'ענע
נע קייט“, בּצג, טמז, 4 .30 1964 ◻I. גאַנץ.
אַרויסנעמען פֿון קאַסטן די א'ענע גלעזער.
־קייט — א, פֿון געמיט.
או'מגעבֿראַ'נדיקט — אַדי. 1. וואָס איז
ניט בּאַצייכנט מיט אַ קאָנטיקן אויסגעבֿרענטן,
אויסגעקריצטן צייכן. א'ע פֿערד. 2. וואָס איז
ניט אָנגערופֿן געוואָרן מיט אַ בּאַליידיקנדיקן
עפּיטעט. ,,ער האָט אַ מויל — פּעך און שוועבל.
קיינער פֿון זײַנע בּאַקאָנטע איז ניט געבֿליבֿן
א',,, רייד.
אומגעבֿראָקט — אַדי. 1. ניט־געבֿראָקט,
ניט־צעבֿרעקלט. אַ גאַנצע, אַן א'ע מצה. 2. אויך
ניט פֿאַרנעצט אין וואַסער אָדער וואָס האָט אין
זיך וואַסער. ← דוןוו.
אומגעבֿראָקטס — דאָס. מצ נבֿ. דאָס וואָס
איז ניט געבֿראָקט, ניט צעקרישלט, ניט
צעבֿרעקלט. געווײנטלעך וועגן מצה. עסן בלויז א,
[בּײַ פּוילישע חסידים פֿלעגט מען די ערשטע

זיבן טעג פֿון פסח ניט אַרײַנבראָקן מצה אין
יויך, זופּ, באָרשט אע. בלויז דעם אַכטן טאָג
פסח האָט מען שוין געגעסן אויך געבראָ ס].
אומגעברויך — דער, ־ן. היפּוך פֿון געברויך.
„די ביכער וועלן זיך בײַ זיי בלויז וואַלגערן,...
פֿאַרשטויבט ווערן פֿון א'", א. גאָרדין,
יאַנאָווסקי..., ל"אַ 1957.
או'מגעברוי'כלעך — אדי. וואָס מע קען עס
ניט געברויכן, ניצן. ווערן קאַליע און א'. א'ער
מאַטעריאַל. בײַ יוסף מאָרשן, חנוך לנער
פּיור,
דא תּקל"ד: און גיברויכליך. ־קייט — א, פֿון
צוגעשיקטע מאַטעריאַלן.
אומגעברענט — אדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבויט.] 1. אַרומגעברענט; אַ ביסל
צוגעברענט, געטראָפֿן פֿון פֿײַער פֿאַרקויפֿן
שפּאָט.

אומגעגאָלט

ביליק א'ע סחורה. 2. וואָס פֿײַער האָט עס
ניט אָנגערירט. „טוא אַניין פּיר לויט רויזן
זאַפֿט, איין קווינט אום גברענטין ווײַן שטיין,,,
סור, כז/ב. 3. דזוו אומגעלאָשן, ב2 ←. א'ע

קאַלך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגעגאָלט — אדי. מיט אַן א'ער,
שטעכיקער מאָרדע. ־ערהייט □— אַדוו.
אומגעגאַנגען — אַדי, פּאַר אומגיין ←. א'ע
קלאַנגען. די א'ע מגיפֿה.
אומגעגורט — אַדי, פּאַר אומגורטן ←.
1. אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל. „אחשורוש...אום
גיגוירטט מיט איינם גוירטל פֿון לויטרם גאָלד“,
יוסיפֿון, אַמשט 1661. 2. אָנגעלאָדן,
דורכגענומען. „גאָט איז אום גיגורט מיט שטאַרק“,
בּרכת המזון, אַמשט 1723, לג/א [טײַטש פֿון:
'אַל נאזר בּגבֿורה□].
אומגעגנט — די (דער), ־ן. 1. קאַנט אַרום
אַ געוויסן פּונקט; שטעטלעך אַרום אַ שטאָט
אָדער שטעטל; פֿאָרשטעט אַרום אַ שטאָט; דער
אַרום־און אַרום. די א, פֿון אונדזער היימשטאָט.
-

□

אַזוי רעדט מען אין דער גאַנצער א'. „די
שטאָט...האָט זייער שיינע א'ן אַרום זיך,,, אמד,

יעקעלע גאָלדשלעגער. 2. דאָס וואָס איז נאָנט צו אַן אינעווייניקסטן אָרגאַן אין קערפּער. אין א, פֿון האַרץ פֿון די נירן.

או'מגעגע'סן — אַדי. וואָס האָט ניט טועם געווען קיין שפּײַז. "אַז מע לייגט זיך א, שטייט מען אויף אומגעשלאָפֿן", שוו. „די זעלביג נכט ליגט זי זיך און געשׂן נידר„, בבֿא־בוך, 103. „איין מאָלט איז גיוועזן ערבֿ שבת, האָט ער ניט קענן פֿר דינן, דא איז ער און גיגעסן גיבליבן מיט אַל זײַנם גיזינד", לט1, קה/ב. „זי איז אַזוי א, ווײַטער אין וועג אַרײַן„, י"ר, דער טרײַער געליבטער, וואַרשע 1881. „דער וואָס פֿאַסט שטענדיק ווערט ער אָנגערופֿן אַ זינדיקער מענטש וואָרן ער קען נישט לערנען תּורה א'„, משה אַהרן גליקמאַן מליקאָווא, ברכי נפֿשי, וואַרשע 1898. ־ערהייט — אַדוו. זיך לייגן שלאָפֿן א'.

אומגעגראָבן — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פֿאַר אומגראָבן. 2. ניט־געגראָבן. דער קאַנאַל איז געבליבן א'.

או'מגעגראַ'מט — אַדי. וואָס איז אָן גראַמען. שרײַבן מאָדערניסטישע א'ע לידער. „דאָס געדיכט איז איבערזעצט פֿון כינעזיש...איך מאַך

מיט אַ כיוון אַן א'ע איבערזעצונג,,, מר II, נ,,י
1908. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,די
בּיבּלישע, אַלטערטימלעכע א'‘‘, י. העשעלעס,
צוק, 1964 'III־II .
אומגעגרײַזלט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פֿאַר אומגרײַזלען ←. 2.
ניטגעגרײַזלט. ,,אומגעוואַשן און די האָר א',,, רייד.
או'מגעגריי'ט — אַדי. ניט־געגרייט. ‘‘לוצקיס
פּאָעטיש געמיט שטייט א, אין מיטן...פֿון
יומטובֿ‘‘, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור, נ,,י
1958. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מגעדאַ'וונט — אַדי. וואָס האָט ניט
געדאַוונט שחרית אינדערפֿרי אָדער מנחה־מעריבֿ.
עסן א, — געוויינטלעך וועגן פֿרישטיק, אָנבײַסן,
וואָס מען עסט פֿאַרן דאַוונען שחרית, הגם מע

טאָר עס ניט. ,,אין דינים באַהאַוונט און עסט
א'‘‘, פֿוול וועגן אַ משׂכּיל, אַן אַפּיקורס. א'ער
שייגעץ = זידל־ אָדער מוסר־אויסדרוק בנוגע
אַ יונגן אַפּיקורס אָדער סתּם אַ חבֿרה־מאַן.
־ערהייט — אדוו. ‘‘ער האָט זיך אַפֿילו

דערמאַנט אַז ער עסט א', געווען אָבער אַזוי
פּאַרטיפּט אין דער אַכילה אַז קיין זאַך איז אים
נישט אָנגעגאַנגען“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אומגעדאַכט — אין אויסדרוק: *א, זאָלסטו
זײַן (ווערן) = דײַן געדעכעניש זאָל
פּאַרגעסן ווערן פֿאַרלאָרן גיין.

,

או'מגעדוי'ערדיק — אַדי. נעאַל. וואָס
געדויערט ניט (לאַנג). אַן א, שווײַגן.
אומגעדולד — דאָס (דער). מצ נבֿ. היפּוך
פֿון געדולד. וואַרטן אין (מיט) א'. ווערן
אויפֿגערעגט, ווערן אויסער זיך פֿאַר א'. אײַנהאַלטן
דאָס א'. אַרויסווײַזן א'. „וואשׂ פֿור און גידולד
אין מײַנשׂ גמוהט“, מאַרשן, לש ון זהבֿ, אַמשט
תּצ„ד. „[דעם בעל־מקנאס] הערץ ברומט שטעץ
פֿר אום גדולט“, טפֿר מבחר הפּנינים, הומבורג
תּצ„ט. „דער א'...[די נײַע גערעכטע וועלט]
פֿאַרשפּעטיקט זיך“, בֿ. שעפּנער, פֿאָר, 8 1963 I.
או'מגעדו'לדיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן
געדולד. זײַן, ווערן א'. וואַרטן א.. די יוגנט איז
א'. „מאַכטשׂ קינד בלד אום גידולדיג“, צוכט.
„איך צייל יעדע שעה פֿון דעם זייגער וואָס
שלאָגט און קוק א, אין פֿענצטער, צי ס'טאָגט„,
אַר, ,איך זינג'.

2. ניט־מיושבֿדיק; אומטאָלעראַנט. „דען וועןער לײַטן איז געלט שולדיק איז ער דיר רעכטצו פּסקינען אום גידולדיג“, עיון, מה/א. „אייןאון גידולטיגר טוט נאַריש, אבֿר ווער עשׂביטראַכט דער האַסיט עשׂ“, משלי בלש ון אַשכּנז,פּפּדמ 1713. 3. ניט־אײַנגעהאַלטן, נערוועז.
אַן א'ער יוגנטלעכער. „ער איז געווען א, און
אויסער זיך“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.
„אַ פֿרוי קען נאָך א'ער זײַן אין איר בּאַגער
ווי אַ מאַן“, ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'.
־יקייט — „עס איז גאָר אוממעגלעך צו
בּאַשרײַבֿן מיט וואָס פֿאַר אַן א, האָט אַרעסיניע
ערוואַרט איר נײַע בּעסטע פֿרײַנד“, ג'ל'כ'ז
[איבֿז], קאמבּער מיט דעך פּדינצעסין
אַרעסיניע, ווילנע 1870. „מוז איך, אַפֿילו מתּוך
אַפּעקט פֿון א', אַ טראַכט טון„, 'טאָגבּוך', ייִבֿל
.2־XI, 1
אומגעדונגען — אַדי. 1. פֿאַר אומדינגען
זיך ←. 2. וואָס מע דינגט זיך ניט
דערבּײַ. קויפֿן עפּעס א'. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעדע'נקלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט געדענקען. א'ע צײַטן, יאָרן. א'ע
קליינע געשעענישן. ־קייט.
או'מגעדע'קט — אַדי. 1. ניט־בּאַדעקט. א'ער

דאַך. אַן א, הויז = אָן אַ דאַך. 2. וואָס פֿאַר
דעם איז ניטאָ קיין געלט־דעקונג. א'ע הוצאות.
אַן א'ער טשעק. 3. ניט־געשלאָסן. וואָס
ענדיקט זיך ניט מיט אַ קאָנסאָנאַנט. ,,אין א'ן
טראַף,,, מוו, ייִשפּ 4 .3 ,XX. ניט־באַשיצט.
דער באַטאַליאָן איז געבליבן א'. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

□

או'מגעדראָ'שן — אַדי. ניט־געדראָשן. א'ענע
תּבֿואה, זאַנגען. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעהאָר(כ)זאַם

או'מגעדרו'נגען — אַדי. 1. וואָס איז ניט
אַ דעזולטאַט פֿון לאָגישן טראַכטן. ס'איז
אומלאָגיש און א אַז... 2. אומגעצוואונגען. ,,אַלזו

,

גינג דער אַלט מאַן...מיט נאָך צווייא מאַנן אין
דאשׂ פֿײַאר און גיהייסן אונ, און גידרונגן,,,
מבֿ, מעשׂה קצג.
אומגעדרוקט — אַדי. ניט־געדרוקט. די
דערציילונג איז געבליבן א'.
אומגעדרייט — אַדי. 1. איבערגעדרייט,
איבערגעקערט. ,,[דער גאָרג□] זעט אויס ווי אַן א'ע

לײַקע אָדער אַן אָפּגעשניטענער קאָנוס,,, פּגעז, ווילנע 2 .9 1924, No. ניט־געדרייט [וועגן חילוק אין אַקצענטירן ← או'מגעבוי'ט]. א'ער פּאָדעם.

3. בּ ל ײַ בּ ן א, = א) ניט דערגרייכט דעם ציל, צוועק. ,,און סאַמע בײַם רעכטן האַק בלײַבּ איך גאָר א'!", ייִל, ניט טויט, ניט לעבּעדיק, ווילנע תרנ"ח; בּ) (וועגן אַ פּרוי) בלײַבּן ניט חתונה־געהאַט [ווײַל בײַ דער חופּה דרייט מען די כלה זיבּן מאָל אַרום דעם חתן]; ג) וואָס מע האָט מיט איר ניט געטאַנצט. אַן א'ע זיצט זי בײַ דער וואַנט. 4. ניט־געדרייט (אין דער פֿלייש־מאַשינקע), ניט־צעמאָלט. א, פֿלייש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט (בּ1).

או'מגעדרע'שט — אַדי. דזוו אומגעדראָשן ← . ,,אַ האַרמע א'ע תּבֿואה", משניות כּבֿ ונקי... ועם ע"ט נר נשמה, לעמבּערג 1872.

או'מגעהאָ'לפֿן — אַדי. וואָס מע העלפֿט דעם ניט. א'ענער אָרעמאַן. "און כל המיני עוולות וואָס עס קען חלילה מיט דער צײַט געשען אין שטאָט צוליבּ דער א'ענער אָרעמקייט,,, ש. י. אַבּראַמאָוויטש [= ממוס], 'משׂכּיל אַל דל', קמ, 4 1865, No. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעהאַ'מעוועט — אדי. 1. ניט

טאָרמאָזירט; ניט־אײַנגעהאַלטן. לאָזן פֿערד־און־וואָגן א'. 2. וואָס איז ניט געהאַמעוועט, אומגעצוימט; הפֿקרדיק. א'ער טעמפּעראַמענט. א'ע תּאווה. א'ער, ווילדער טאַלאַנט. „אַן א'ע לײַדנשאַפֿט צו געלט“, ש. בּיקל, טמז, 30 1964 III.

או'מגעהאַ'ריש — אַדי. [אײגנטלעך בּלויז אַ דיאַלעקטישע שרײַבּפֿאָרעם פֿאַר אומגעהײַ(ע)־ריש.] דזוו אומגעהײַער(יש). פּד, מעג. “כאַפּט זיך אַרויף אויפֿן מעכטיקן עק פֿון א'ן פֿיש“, בּ. רעסלער, טמז, 8 1961 II. אין פֿאַרבּינדונג מיט קול, שרײַען אע = היסטעריש, ווילד און קוויטשיק פֿון וואַלד האָבּן זיך געטראָגן א'ע קולות“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. „ווערט דער פּריץ רויט ווי צוויק, נעמט שרײַען א',,, צײַט, ,חד־גדיא'.

אומגעהאָר(כ)זאַם — אַדי. Mhd un—ge־ sam [. 1 . דטשמ. ← אומגעהאָרכיק. „א'ער דינער“, אמד, דער שאַץ מײַסטער, ווילנע 1887. „זיך אָפּרעכענען מיט זײַנע א'ע קנעכט“, מר , נ„י 2 .1910. אַרכ. אויך סובּ, אויך ווערבּאַל. ווידערשפּעניק; וואָס טוט קעגן אַ העכערער מאַכט. „אונזר און גיהרשׂום איז גרוש“, מ.

שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, יד, 7.
„און, מיך בפֿני השׂרה ואר אונגרהשׂם [=
אומגעהאָרכזאַ] אַן גיקלאגט„, גה, 382. „דיא
און גיהארשׂימה אבר הייסן נאַרין„, משלי
בלשון אַשכנז, פֿפֿדמ 1713. מלל פֿאַרטײַטשט

או'מגעהאָ'רכיק

'אַשר מרה את פּיה, (מלכים א, יג, 26): „
אונגיהארזם“. [תּי: „האָט ווידערשפּעניקט“]. דער
אורח פֿאַרטײַטשט 'סרבים, (יחזקאל, ב, 6):
„אונגעהאָרזאַמע„. ־קייט — „אַקציעס פֿון
א, ברעכן דורך די באַשטימטע גרענעצן וואָס
זײַנען אַוועקגעשטעלט אויף דער אויפֿפֿירונג
פֿון די איינצלנע“, מערימאָן איבז, ספּענסער,
ערשטע פּרינציפּן.
או'מגעהאָ'רכיק — אדי. נעאָל. ניט־
פֿאָלגעוודיק. וואָס האָט די טבֿע ניט צו געהאָרכן. א'ע
קינדער. „פּטור געוואָרן...פֿון די שטענדיקע
מורדים, די שטענדיקע א'ע“, לע, טמז, 1964
III 15. ־יקייט — „דעריבער איז יעדע א,
לגבי [דעם פּויפּס] אַן א, לגבי גאָט“, ר. ראָקער,
נאַציאָנאַליזס און קולטור, ב“א 1949.
או'מגעהו'בלט — אדי. 1. ניט־געהובלט.

“בײַ א'ע טישן איז דאָ און דאָרט געזעסן אַ
ייִד איבער אַ ספֿר און געלערנט”, אָפּאַ,
טענצערין. 2. וואָס איז ניט געמאַכט ריין און
גלאַט. „דורך אַן א'ן שפּאַס”, אמד, ד אַלטע

ליבע ראָסטעט ניט, ווילנע 1876. „זי האָט אַ
זינגענדיקע, הגם אַן א'ע שטים„, בּ. ריווקין, אַ
גלויבן פֿאַר אומגלייבּיקע. 3. וואָס האָט ניט
קיין מאַנירן; נאַטירלעך, פּראָסטלעך, רוי. אויף
אַן א'ן אופֿן פֿול מיט רויע, בּרוטאַלע גוואַלד,

—
„ .
מיט גראָבּע א'ע פּויסט־קראַפֿט„, מר , נ”י
1910. „[ער] איז נאָך געווען יונג, א, און
מוראדיק ניט־געזעלשאַפֿטלעך”, מוק, פּרץ און
דאָס ייִדישע טעאַטער. „קומט ער אַרײַן, אַזאַ
א'ער קומט ער אַרײַן”, הל, לידער פֿון גן־עדן.
־ערהייט — אַדוו. ניצן די בּרעטער א'.
־קייט — „ווערן ניט אויסגעגלעט די
סאָציאָלאָגישע א ן וועגן ייִדן„, לל, איק, ר„ה תשכ„ד.
או'מגעהוי'ער — דזוו אומגעהײַער. נר [בּלויז

אַ ליטעראַרישע פֿאָרע]. „די א'ע שרעקן פֿון
דעם איצטיקן וועלט־קריג„, זשיט IX, נ״י 1919.
„א'ער געדולד, ריזיקע פֿלײַס און שאַרפֿזין
האָבן גובֿר געווען די צײַט“, קאָר II.
אומגעהויער(י)קייט — דזוו אומגעהײַער(י)־
קייט. ← דפֿוו. “אַ מענטש איז אַ רינגעלע פֿון
דער א'יקי ט, וואָס ציט זיך פֿון אַבֿרהם אָבֿינו
עד סוף כּל הדורות“, שנ, דערציילערס און
ראָמאניסטן .
אומגעהויריש — אַדי. דזוו אומגעהײַעריש.
נר [בֿלויז אַ ליטעראַרישע פֿאָרעם]. „דער בּיק...
האָט געענטפֿערט דעם הירש מיט אַן א, רעווען“,
אָפּאַ, 'פֿײַערדיקע צלמים'.
או'מגעהי'ט — אַדי. ניט־געהיט. א'ע
פֿאַרמעגנס. ־קייט.
או'מגעהיי'ליקט — אַדי. ניט־געהייליקט. די
פֿאַרגעסענע א'ע קרבּנות ־קייט.
— .
או'מגעהיי'ם — אַדי. ניט־געהיים. א'ע וואַלן.
א'ע צוגרייטונגען צו מלחמה. ־ערהייט —
אדוו. —קייט.
או'מגעהיי'סן — אַדי. ניט־פֿאַרזאָגט,
ניטבּאַפֿוילן, פֿרײַוויליק. “ווער טוט עס א'?“, ווײַס,

קנאה און תּאווה. "אלזו גינג דער אַלט מאַן... מיט נאָך צווייא מאַנן אין דאשׂ פּײַאר און גיהייסן אונ, און גידרונגן„, מבֿ, מעשׂה קצג. ־ערהייט — אַדוו. טאָן עפּעס א'.

549

או'מגעהײַ'ער — אדי. זייער אָפּט אַדוו.
M▯d: un־gebiure. [אין לד געקומען דורך דער ליטעראַטו▯]. 1. גוואַלדיק, קאָלאָסאַל, וואָס איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס. א, גוט, שלעכט; א, וויכטיק. אַן א'ער מהלך. „פּלוצלינג הערט מען אויף דעם אָקרענט אַן א'ן קנאַק", ראָבינזאַן קראזוע דער יונגערע, וואַרשע 1874. „זײַן קלוגער קאָפּ האָט אים פֿאַרשאַפֿט דעם א'ן רײַכטום", לאַט, מאַמאָן. „פֿאַרוואָס האָט זי מײַן נאָמען איבער דער צײַט פֿון אונדזער געשפּרעך דערמאַנט א, מאָל", ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. „דער קעלער אַליין איז א, גרויס", יר I. „ס'שפּאַרט דער רויך אַלץ א'„ אַר, 'דער אויוון'. 2. שלעכט, שוידערלעך, אַכזריותדיק. א'ע פּײַן. א'ע מעשׂים־תּעתּועים.
אומגעהײַער — דער, ־ס. ← דפֿוו. 1. אַ מין גרויס (און בייז) לעגענדאַריש באַשעפֿעניש. אַ

מעשׂה מיט אַ לינדוואָרעם, מיט אַן א'. „דיא ערשטע הישׂטאריא פֿון איינם סוחר אונ, אונגיהייאר אודר גישפענשׂ“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. “ער איז געקומען צו די טירן פֿון גיהנום, די טירן זײַנען געווען געשפּאַרט און צוויי שרעקלעכע א, זײַנען געשטאַנען אַלס וועכטערס“, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ []], בלעטער, פּעטערבורג 17 1901, No. „די שקיעה זינקט אין דעם פֿאַרפּעכטן וואַלד, זי בלוטיקט אין די האָר פֿון דעם פֿאַרצווײַגטן א'“, חג, אַ

,

טאָג אין וואַלד'.

2. יעדער מין באַשעפֿעניש, וואָס עס איז אַ גרויסע סכּנה זיך צו באַגעגענען מיט דעם. דער א, פֿון די היילן. “'ויהי נועם, איז אַך גוט פֿאַר און גיהײַאר: עשׂ איז קיין זיי“ן אין 'ויהי נועם', דאַרום וועלכר דער עשׂ זאָגט זיבן מאָל — דער ווערט בישירמט פֿאַר כּלי־זיין“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ג/א. „אונ בהיט אונז פֿאַר וואַשׂר אונ פֿר פֿײַער אונ פֿאַר אַלים אום גהײַער, אונ פֿר אַלע גשיכנישׂ, בייז ווינד, בליץ אונ דונר שלאַק„, תּחנות ובֿקש ות, דירנפֿורט 1798, כ/כ [איבערדרוק ווילנע 1858]. „באַהיט מיך פֿאַר אַלע אומדערבאַרמיקע האַנט פֿאַר וואַסער און

פֿאַר פֿײַער פֿאַר אַלע בייזע א'", איין נײַע שם — תּחינה, פּיעטריקאָוו 1881.
3. ספּעצ שד, טײַוול. „אַזו רופֿט ער איין רונטר אין דעם בּרונן...בּישטו איין גיהײַאר אודר בּישׂטו איין און גיהײַאר. וויא דיא גוטי פּילצל דאשׂ הערט...דא ענטפֿרט זיא...איך בּין ג י ה ײַ א ר און, בּין איין מענש„, מבֿ, מעשׂה ק. "זי האָט געשוואוירן און געטאָן אַלץ וואָס דער שד, דער א', האָט איר געבּאָטן„, בּאש, פֿאָר, 4 1 19 III.
אומגעהײַעריק — אַדי. דזוו אומגעהײַער,
אדי. „לכן דאַרום זולן און, גיהייאריגי טיר און, פֿיגיל דארענן וואנן מרדיר און, ווילדן קאצין און, דיא יונגן שטרויסן", מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, נ, 39.
אומגעהײַער(י)קייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעהײַער. ← אומגעהײַערישקייט.
אומגעהײַ(ע)ריש — אַדי. פּפֿ: ~
געהײַערש. דזוו אומגעהײַער ←. „דער ר, וועלוול האָט אָנגעהויבּן פֿאַרן עמוד שבּת צו דאַוועגען מיט אַזוינע אומגעהײַרשע געשרייען...", 'גדולת

ר, וואָלף, [יפּ]. „מיט דעם גרויסן אומגעהײַרישן גוטן ייִדן„, דאָרטן. [די סאַמע פֿאַרשפּרייטע פֿאָרעם פֿאַרן אַדי.]
אומגעהײַערישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעהײַעריש [בּעסער ווי אומגעהײַעריקייט].
אומגעהייצט — אַדי. אַן א'ער אויוון. אַ קאַלטע א'ע שטובֿ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגעהייראַט(עט) — אדי. דטשמ. נר. ניטחתונה־געהאַט. „אַן א'ער יונגערמאַן פֿון לאָנדאָן", פּ. ג., נסים מן השמים, לובּלין 1914.
אומגעהילט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבּויט.] 1. פּאַר אומהילן ←. אַרומגעוויקלט. אַן א'ע פֿאַטשיילע אַרום די פּלייצעס. „און, מרדכי גינג אויז...מיט איינר גרושׂי גילדני קרון, און, אום גיהילט מיט פֿײַנן לײַנן וואַנט...", צאינה, תּרגום שני. "און [משה איז] מיט ליכט אום גהילט...ווי מן זיך אין איין טלית אײַן הילט", ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן, וואַרשע תר"ג. 2. ניט־פֿאַרהילט. „יונגע בּריסטן, א'ע,

נאָר אין העמדער לופֿטיקע", אפֿא, קאַראַוואַנען.
—ערהייט — אַדוו.
אומגעהינדערט — אַדי. דטשמ. נר.
אומגעשטערט. "אין גן־עדן...א, קומען צו קענען", ר,
הילל ליכטנשטיין, עת לע□tות II, סאַטמאַר
תּרל"ב. "זאָלן קענען א, אָפּפֿערן יעדן טאָג
אַלע קרבּנות", ר, יצחק איטשה האַמבּורגער,
ספּורי קורות י□tראל, קראָקע l895.
אומגעהעכערט — אַדי. 1. ניט־געהעכערט.
ניט־פֿאַרגרעסערט. א'ע פּרײַזן. א'ער לוין.
2. ניט־דערגרייכט צו בּעסערע רעזולטאַטן. א'ע
פּראָדוקציע. „דער דאָזיקער רעקאָרד איז
געבּליבּן שטיין א'„, פֿאַש, 1 □1964 III.
או'מגעהע'רט — אַדי. 1. זייער גרויס;
אויסערגעוויינלעך. סענסאַציאָנעל. א'ע
פּאַסירונג. „אַן א'ער אומגליק האָט איר געטראָפֿן„,
גבֿי"ר מווילנא [גבֿריאל ראַוויטש], ריבֿ משפּחה,
ווילנע 1865. „זענען 10 מיליאָן געוועזן אַן א'ע
סומע", לאיזע, דעם קעניגם
געשעפֿטספֿערזאָרגער, בּוקאַרעשט [יאָר?].
2. סקאַנדאַליעז, הימל־שרײַענדיק. א'ע
מעשׂים־תּעתועים. „אַרויסגערופֿן די אין דער
וועלטגעשיכטע א'ע שחיטה", די נאַרבּער שטימ□],

מאָסקווע 2 ,1924-3.
3. זייער שטאַרק. ,,עס אַנטוויקלט זיך אַן א'ער עגאָאיזם,,, פֿגעז, פּאַריז 10 1949, No-11.
4. ניט־דערהערט. א'ע געשרייען. א'ע רופֿן נאָך הילף. ״ער פֿלעגט שטונדן ליגן לעבֿן אירע פֿיס און איז געבליבֿן א, פֿון איר,,, אמד, די שקלאַווערײַ, ווילנע 1887. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעהעריק — אדי. 1. וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום ענין, איבֿעריק. א'ע רייד.
2. ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן; ניט ווי עס פֿאָדערט זיך. אַרבֿעטן א, ־יקייט.

.

או'מגעוואַ'גט — אדי. דטשמ. מאַרק ווב. וואָס ווערט ניט געטאָן מחמת מורא; וואָס מע דערוועגט זיך ניט צו דעם. כּמעט פּחדנותדיק. א'ער אַרויסטריט. א'ע אונטערנעמונג. ־קייט.

או'מגעוואוי'גן

או'מגעוואו'גן — אַדי. קויפֿן ברויט אויפֿן אויג, א'. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעוואוי'נט — אַדי. ניט־צוגעוואוינט. אַ נײַע א'ע אַטמאָספֿער. ,,דער א'ער קלימאַט און נאָך מער דער דורשט אין אַ וויסטן אָרט,

בּרענגען אום פֿילע הונדערטער,,, דער נײַער גײַסט, נ,,י 2 1897, No. ־קייט — מחמת א, טאָן עפּעס ניט ווי מע דאַרף.
אומגעוואונדן — אַדי. אַרכ. ← אומווינדן.
1. אַרומגעוויקלט. מ▯t פֿאַרטײַטשט ,אהיה כעטיה, (שיר־השירים, א, 7): ,,איך בּין אַז איין אום גוואונדני“ [תּי גאַנץ אַנדערש פֿאַרשטאַנען: ,,אַן אַרומטרײַבּערין“]. ,,איין מאַן איין אַלטר גיט [= גייט] אוף אונ, ער (עולה) איז אום גיוואונדן מיט איינים פּפֿעליר“, סהמ, שמואל א, כח, 14. ,,איר שלייאר אום גיוואונדן, אַז די אַבֿלים בּיז אין דיא אויגן,,, ווינץ. 2. אַרכ. אַרומגענומען, דורכגעדרונגען. ,,מיר זײַנן אום גיוואונדן מיט הונגר אונד מיטיקייט,, [= מידיקייט], הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חייס, הענא 1718. 3. ניט־געוויקלט. נצ1 פֿאַרטײַטשט און טײַטשט אויס די זעלבּיקע ווערטער: ,,איך ווער זײַן אום גיוואונדין אַן בּרכות,,. [לויט בּ1 איז אומ־ אַ קאָנווערבּ, לויט בּ2   אַ נעגאַציע־פּרעפֿיקס. ווענן אַקצענט ←

אומגעבּויט.] אויך מיט ־הייט — דורכגעדרונגענקייט. ,,איין הערט דער דא האָט פֿר לאָרן זײַן שאָף אונ, טרויערט אויף זי מיט

אום גיוואונדן הייט אַז איין אָבֿל,,, קינות לתשעה באָבֿ, פֿיורדא 1767.

או'מגעוואו'נטשן — אַדי. וואָס מע וויל ניט, מע ווינטשט זיך עס ניט צו האָבן, צו קריגן. א'ענער גאַסט. ,,וואָס מ'גיט א',,, תּניא, 40. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעוואו'סט — אַדי. 1. אומבאַקאַנט. א'ע מנהגים. 2. וואָס בלייַבט פֿאַרטונקלט און דערגייט ניט צום קלאָרן באַוואוסטזייַן. א'ע כּוונות.

או'מגעוואָ'לט — אַדי. אויך: ~געוואָלן (זן). ← אומגעוועלט. 1. ניט־ווילנדיק, אומגערן. א, אַ שטויס טאָן. ,,א, פֿון זיי מאַכן זכרונות־לבֿרכהס,,, פּרץ. 2. וואָס איז קעגן ווילן, וואָס איז בעל־כּרחו. לערנען א'. ־ערהייט — אַדוו. ,,א, [האָט ער] רייַן מעכאַניש פֿאַרגעדענקט אויס די רייד פֿון אַ צוגעפֿאָרענעם סוחר,,, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 1.

אומגעוואַקלט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט] 1. פֿאַר אומוואַקלען (זיך) ←. 2. ניט־וואַקלדיק; אַנטשלאָסן. זיך האַלטן א, בייַ אַ מיינונג. ־ערהייט — אַדוו. אָננעמען אַ באַשלוס א, ־קייט — אַ פֿעסטקייט, אַן א'.

.

או'מגעוואַרט — אַדי. 1. אומגעריכט,

אומדערוואַרט. „די רעגירונג האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ
פֿאַראָרדענונג, וואָס איז באמת געווען א'“, ימ,
נײַס, 1923. 2. ניט האָבנדיק געוואַרט, אַדוו.
„גענומען די שעפּ צום וואַשן די הענט, און די
מאַמע איז שוין געלאָפֿן אויפֿגעבן, א, או◻ף
ענטפֿער“, ווײַס, 'דער איבערגאַנג'. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט — אַן איבערגעאײַלטקייט,

.

אַן א'.

אומגעוואָרטשעט — אדי. ל2. 1. פּאַר
אומוואָרטשען ←. 2. ניט־געוואָרטשעט. וואָס איז
אָן תּרעומות. א, און אָן תּענות אויספֿאָלגן.

550

או'מגעוואָ'רנט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געזאָגט, מע זאָל עס ניט טאָן, מע זאָל זיך היטן.
אַרײַנפֿאַלן אין אַ סכּנה א'. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
או'מגעוואַ'שן — אַדי. 1. ניט־געוואַשן. די
א'ענע בגדים זעען אויס ווי שמאַטעס. עסן ניט
קיין א'ענע פּירות. „נעם אום גיוועשנין רײַז....„
סור II, כד. „האָט ליב צו נאַשן און דאָס מויל
א'„ ווען אַ קינד אַ נאַשער. *א, מויל = אויך:

אַ מויל פֿול מיט זידלווערטער, גראָבע רייד, קללות. *אויסזען ווי אַן א'ענער פּגר = זייער מיאוס, אָפּשטויסנדיק. ,,ער קוקט אויף איר מיט אַ מאָדנע שמייכעלע. — וואָס שמייכלסטו, זאָג איו, ווי אַ פּגר א'?“, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס. ,,סמאל האָט זיך אויפֿן גאַנצן אויסגעפֿרעסענעם פּנים אויסגעשמייכלט ווי אַ פּגד א',,, ייִט, טאָג, 1959 □י 9.

2. וואָס איז ניט מקיים, היט ניט אָפּ די מצווה צו וואַשן די הענט פֿאַרן עסן, דאַוונען אע, אָדער אָפּגיסן נעגלוואַסער בײַם אויפֿשטיין פֿון שלאָף. *א'ענער גוי = אַ ייִד וואָס וואַשט זיך ניט צום עסן און מאַכט ניט קיין ברכה.

געוויינלעך אַדוו מיטן ווערב ע ס ן. ,,ווער דא עשׂט אום גיוועשן דר קאַן ברענגן הונגר אין עולם,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. ,,כל הזאַכן וואָס איז געוועזן איין מאָל ברויט און דערנאָך האָט מען דאָס צעקלאַפּט, און דערנאָך באַקט מען דאָס אַפֿילו מיט שמאַלץ, מוז מען מאַכן המוציא און מע טאָר ניט עסן א'“, ספֿר שלחן ערוך, חלק שני [זשאָלקעוו אָנהייב 19. י“ה], ה/א. ,,טו דײַן תּפֿילה ניט מיט א'ענע הענט און אומריינעם לײַב,,, איבז, ארחות חיים, לעמבערג 1850.

,,ווער עס עסט א, אָדער וואַשט זיך ניט ווי דער דין איז — ווערט חס ושלום אויסגעריסן פֿון דער וועלט‘‘, חא, לד/ב. ,,דען ער זאָגט: ווער דאָ עסט א, דער איז חייבֿ מיתה‘‘, מע▯ה השם, לבֿובֿ ▯רכ,,כ. ,,מע טאָר ניט גיין פֿיר איילן א'...וויבּאַלד מע כאַפּט זיך אויף, מוז מען זיך אָפּגיסן די הענט,,, חא, ה/ב. ,,טריפֿות ווייסט ער נישט אויבֿ מ'עסט, נאָר א, — האָט ער אַליין געזען,,, פּרץ, 'אין פּאָסט־וואָגן'.

*ד י ה ע נ ט א, — כינוי פֿאַר גאָט, כּדי אויסצומײַדן דאָס וואָרט וואָס בּאַצייכנט גאָט אָדער אַ כּינוי מיט מער קדושה. [אייגנטלעך קירצונג פֿון: דער וואָס זײַן נאָמען טאָר איך ניט דערמאָנען מיט די הענט א▯] אויך: דער די־הענט־א'. דער די־הענט־א, וועט צושיקן אַ רפֿואה שלמה. נסים און נפֿלאות פֿון 'די־הענטא". ,,מיר וואַרטן און האָפֿן אויף משיחס צײַטן, מיר בּעטן בּײַ 'די־הענט־א', אַז ער זאָל זיך אויף אונדז דערבּאַרעמען,,, בּעמ II.

־ערהייט — אַדוו. עסן א'. ,,מע האָט זיך שוין זאַט אָנגעגעסן בּרויט מיט סערדעלן מיט הערינג א'‘‘, אמד, דער שאַץ מײַסטער, ווילנע 1887.

אומגעוויגט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←

אומגעבויט ◌] 1. פּאַר אומוויגן ←. וואָס ווערט אָ לענגערע צײַט (אָדער אַהין און צוריק) געוויגט. „ס'אָטעמט פּאָרהאַנג אויף שויבּ פֿון זיך אַליין א'„ לאַפּין, צייכנס. 2. ניט־געוויגט. אײַנשלאָפֿן א'. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעווײַסנט

אומגעוויטער — דאָס (דער), ־ס. שלעכט וועטער. דזוו געוויטער. „עז ווערט איין שטורם פֿון גוט איבּר זיא קומן...איין דר שרעקליך און גיוויטר אויף אירם קאַפּ רוהן„, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, כג, 19. „בּיז דאשׂ זיא פֿינשׂטר וואַרד דיא זון אַן דעם זעלבּיגן טאָג און וואַרט איין טונרן אונ, איין אונגיוויטר גרושׂ אונ, שטרק“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „נון ווערט אַ גרויס א, (שטורעם מיט רעגן צוזאַמען)“, אמד, די קרעמערקעס, ווילנע 1865. „איין בּליץ האָט געפֿאָלגט נאָכן אַנדערן, דאָס א, איז שוין געשטאַנען איבּערן קאָפּ“, קמ, 34 No, 1870. „אַן איבּעריקן בּגד איז אויך גוט צו האָבּן אויפֿן פֿאַל פֿון א'„ פֿגעז, ווילנע

,

.No ,1936 12

אומגעווייט — אַדי. אַרומגעווייט. ,,טרעפֿט
אַמאָל: דער גולם שטייט אין זײַן פּעלצל
אָנגעטאָן, א,, אַרומגעשנייט“, בראָד, אַלדאָס גוטס.

או'מגעוויי'לט — אַדי. ניט־געקליבן. ,,דער
גבאי איז זיך געבליבן גבאי, איצט שוין אַן
א'ער,,, רייד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעווײנט — אַדי. דזוו אומגעוואוינט ←.
,,דען איך בין גיוועזן אַז איין אום גיווינט
ק[אַ]לב אונ, דרום האב איך גזינדיגט,,, סה□ו,
ירמיה, עך/כ.

או'מגעוויי'נ(ט)לעך — אַדי. וואָס איז ניט ווי
אין דורכשניט; ניט טאָגטעגלעך:
אויסערגעווײנטלעך; חידושדיק, אויסנעמיק. א'ע
פּאַסירונג. א'ער מענטש. ,,אייני אונגוואונטליכי פּאָרכט
פֿר אורזאַכט,,, מראָות הצובֿאות, וואַנדזבעק
1718. ,,סוכות אַז דער מענש גיט אויס זײַן□
גווינטליכי וואונג אין איין אונגווינטליכי ענגי
וואונונג אונ, בגערט צו זעלביגי צײַט נישט
איבערגשׂ,,, ר, זאבֿ בר, יוסף, דרישת הזאבֿ,
בערלין 1740. ,,איר א'ער טויט האָט אָנגעמאַכט
אַ רעש אין שטעטל“, ממוס, ספֿר הבהמות.
אָפּט סובֿ. ,,זי האָט...אין אירע חבֿרטעס פּנים
געזען, אַז דאָ איז פֿאָרגעקומען א'ס,,, ספּ,

סודות. „ער וואַרט אויף א'ס. נאָר ווען דאָס קול דערהערט זיך, איז עס שטיל און אייגן„, מבֿא, דעך גידער.

אומגעוויינ(ט)לעכקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומגעוויינלעך. אויך: קאָנקרעטער פֿאַל, דערשײַנונג פֿון דעם וואָס איז אומגעווייגלעך. אין חלום־לאַנד פֿון א'ן. "די שילדערונגען גייען אַריבער יעדער גרענעץ אַפֿילו פֿון אומגעוויינלעכקייט„, מ. יפֿה, היימיש, מײַ 1959. „די וועלט פֿון דער קינדהייט איז אַ וועלט פֿון הוילע נסים פֿון אַן
אומענד,
לעכער סעריע אומגעוויינלעכקייטן", גרינ, [דו. נ. בּיאַליק, שריפֿטן, יִדיש י. י. שוואַרץ].

או'מגעוויײַ'סט — אַדי. ניט געמאַכט ווײַס.
ניט־געריייניקט. ניט־געקאַלכט, ניט־געפֿאַרבּט. די א'ע וואַנט. „ווען איינער לאָזט איין הויז ווײַשן, זאָל ער איין שטיק לאָזן אום גווײַשט", עח, נו/ד. ־ערהייט — אָדוו. ־קייט.

אומגעווײַסנט — אַדי. ← דפֿוו. אונגיי. „מאַן זאָל ניט גאַנץ אויסווײַסנ[ע]ן זײַן הויז, נור איבּערלאָזן בּײַ די טיר אונגעווײַסענט איין אייל אין די לענג, איין אייל אין די בּרייט כּדי מאַן זאָל זען...און זיך [ד]ערמאַנ[ע]ן אַן (חרבּן)„,

הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולס, אונגוואַר 1864.

או'מגעוויי'קט
או'מגעוויי'קט — אַדי. וואָס מע האָט ניט געהאַלטן אין וואַסער אַ באַשטימטע צײַט. א, פֿלייש = וואָס מע האָט ניט געהאַלטן קיין האַלבּע שעה אין וואַסער פֿאַרן זאַלצן [בּײַם כּשרן פֿלייש] פֿלייש וואָס איז געלעגן דרײַ . ,,
מעת־לעת אומגעזאַלצן, א', טאָר מען עס שוין נישט זאַלצן צום קאָכן, נאָר מע מוז עס שוין בּראָטן", הרבֿ משה טייטלבּוים, מעין טהור, [לבֿובֿ? יאָר ?]. ,,די הערינג, ווײַל מע קאָן זיי אויך א, עסן, איז מותּר אײַנצוווייקן שבּת", הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מגעווי'נטשט — אַדי. דזוו אומגעוואונטשן ←. ,,איך רייד דאָ ניט פֿון א'ע געסט, וועלכע וועו מע זעט ניט צען יאָר", מר III, נ,,י 1908.
או'מגעווי'ס — אַדי. 1. אומבּאַשטימט, אומזיכער. ,,די צייכנס [פֿון שוואַנגער ווערן] קען מען צעטיילן אויף געוויסע און א'ע", מלכּה בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. ,,קען אַרויספֿירן פֿון דער א'ער, אומזיכערער

לאַגע“, ייִפּאָל, 1885 1 2. 2. אומקלאָר. „ווי
קוים נאָר פֿלעגט דאָס א'ע ליכט בּאַגינען דורך
די שויבּן דורכזיפּן„, יהואָש, 'קינסטלער־ווייען'.
אומגעוויסהייט — די, ־ן. דטשמ. נר.
אומוויסן, אומזיכערקייט. „אַפֿילו בּנוגע די
עלעמענטן, וועלכע זענען געוויס פֿאַראַן אין
פּראָטאָפּלאַזמע, הערשט נאָך אויך אין דער
וויסנשאַפֿט אַן א,“, א. ש. זאַקס, דאָס לעבּן פֿון
פֿלאַנצן. „מיר בּליקן אַרײַן אין די צײַטן, וואָס
קומען מיט א',„ י. בּאָוושאָווער, גש, נ“י 1911.
אויך: ־וויסנהייט — „דיזע א, צו
פֿאַרבּלײַבּן דאָ“, אמד, דער גואל, ווילנע 1866.
אומגעוויסנדיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
געוויסן. שלעכטהאַרציק, אומבּרחמנותדיק. א'ע
מענטשן. א'ע מעשׂים. ־יקייט.
אומגעוויסנהאַפֿט(יק) — אַדי. דטשמ. ←
דפֿוו.
אומגעוויקלט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פּאַר אומוויקלען ←.
אַרומגעוויקלט. די פֿיס, א, מיט אָניטשעס. „דען וויא
איז איין (הדס) האָט גאַר פֿיל בּלעטר אום
גיוויקלט, אַזוי הט אויך יעקבֿ פֿיל קינדר אום
גיוויקלט אַלשׂ איין (הדס)“, צאינה, אמור.
„אין דער ציגאַרע וועלכע זיי האָבּן אים געגעבּן

איז געוועזן אַ פֿײַלכעלע אומגעוויקלט מיט אַ
צעטעלע„, אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878. 2.
ניטגעוויקלט. האַלטן אַן עופֿעלע א'. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומגעווירעט — אַדי. א'ע בויגנס פּאַפּיר.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגעווירצט — אַדי. א'ע מאכלים. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומגעווע(ז)ן — פּאַר אומזײַן ←.
אומגעוועזן — אַדי. אָפּט סובֿ. וואָס איז ביז
איצט ניט געוועזן, האָט ניט עקסיסטירט (אָבער
איצט קען עס שוין יאָ בנמצא זײַן). א'ענע
פּאַסירונגען, נסים ־קייט — א, איז ניט
.
קיין ראַיה אַז עס וועט קיינמאָל ניט זײַן.
אומגעוועלגערט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבויט.] 1. פּאַר אומוועלגערן ←.

אויסגע1▯5

וועלגערט, אומגעקײַקלט. „די קליידער פֿון די
הרוגים די זײַן אום גוועלגרט אין דם“, סהמ,
ישעיה, ט, 4. 2. ניט־געוועלגערט. א, שטיק
ט▯ג.

או'מגעווע'לט — אַדי. דזוו אומגעוואָלט ←.
,,זיי זענען טאַקע אַוועקגעגאַנגען אין סאָלדאַטן
גאָר א,,,, פּ. זאָמאָשטשין, קמ, 51 1870, No.
,,ווילסט ניט?...האָט [דער מלמ] דערלאַנגט אַ
פּליאַסק אין...[דע] רעכטער באַק — וועט זײַן
א,“, בערג, בײַם דניעפּער I.
או'מגעווע'לטיקן — אוטוו. ־טיק אום, ~
געוועלטיקט. געוועלטיקן, הערשן אַ לענגערע
צײַט. א, איבער פֿעלקער.
אומגעוועז — פּאַר אומזײַן ←.
אומגעווענדט — אַדוו. 1. פֿאַר אומווענדן
(זיך) ←. א'ע דפֿן (דפּים) בײַם אײַנבינדן.
2. אַרכ. איצט זן. פֿאַרקערט, קאַפּויער. ,,דוא
שרײַבשׂט...העשׂט דײַן געלט דאָרטן מעכשׂט
מין [= מע] ריווח האָבן אַלז היא, אונ, איך
זאָג גראט [=גראָ] אום גיוועגט,,, פּראָגב, 7.
,,מיר געפֿינען א, דאָס די ווײַבער פֿון די שׂרים
און אַנדערע רײַכע לײַט די גייען פֿיל שווערער
צו קינד,,, צור, בראשית. ,,אבר איינר דער דא
האָט איין לבֿ רע איז אַלשׂ אום גיוועגט, דען
איין לבֿ רע איז ניט מיגליך דז ער איין גוטי
מדה אַן זיך ביקומן,,, לט1, הקדמה. ,,אלשׂ דען
אום גוועגטן פֿאַל אַן מיר גיטראפֿין“, משה

אײַזענשטאַט, איבֿז, דרך הישר לאבֿן בוחן,
[אָרט?] 1746. „בײַ הש„י איז גיראט אום גווענט,
ווען מן זײַני עבֿירות ניט גישטיט אונ לייקנט
ז אַזו ווערט ער געשטראָפֿט„, עפּש, דרך
י —
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. „וועט ער
דערמיט דורכויס נישט שאַפֿן קיין ,
שפּראַכבייגונגען, מיט אַ 'כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק'.
א,:
פֿאַרמיסטיקן וועט ער די ייִדישע שפּראַך“, נפּ,
ייִפֿאַ, 1938, 2.
3. איבערגעדרייט, איבערגעקערט. „ווען מן
זיכט אויף די נעגל [בשעת הבֿדלה] דען זאָל
ער דיא פֿינגר אין ביגן [=אײַנבייגן] אונ, צו
זעהן דשׂ דיקי פֿון דר האַנד מיט דיא נעגיל
אויף איין מאָל, אונ, דער נאָך דיא האַנד אויז
גישטרעקט אונ, דען אום גיווענט אויף די נעגיל
זעהן„, ה I, סא/ד. „האב מײַנר מיט מייט
[= דינס] איר קליידיר אום גיווענט אַן גיטאן
[= אויף דער לינקער זײַט]“, גה, 89. “עשׂ
איזט אַלשׂ אום גיווענד„, מכירת יוסף פֿפֿדמ
,
1713 [אַוו]. „ווען איין מענטש שרײַבט אויף

איינער זײַט דא קען מען דאָס כּתבֿ ניט לייענען אויף דער אַנדערער זײַט, דען עס איז אויף דער אַנדערער זײַט א, דאָס כּתבֿ,,, צור, כּי תצא.

או'מגעווע'קט — אַדי. ניט־אויפֿגעוועקט. ,,לוש [=לאָז] אין איצונדר און גיוועקט‘‘, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. אַן א'ער האָט ער פֿאַרשלאָפֿן די באַן.

או'מגעזאָ'גט — אַדי. וואָס איז (ווערט) ניט אַרויסגעזאָגט. א'ע מיינונג. ,,קיין איין פֿריש א, וואָרט ווײַזט זיך ניט אויפֿן האָריזאָנט,,, קאָר I. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעזאָ'דן, ־זאָטן — אדי. א, וואַסער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעזוי'מט

או'מגעזאָ'טלט — אַדי. מאַרק ווב. וואָס האָט ניט אויף זיך קיין זאָטל. אַן א, פֿערד. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעזאַ'לבט — אַדי. א'ער קיניג. ־ ערהייט — אַדוו.

או'מגעזאַ'לצט (־זאַלצן) — אַדי. 1. וואָס איז אָן זאַלץ. ,,אבֿר איין פֿיש דער ניט גיזאַלצן איז, טאָר מן ניט מטלטל זײַן, דען איין און גיזאַלצטר פֿיש איז צו נישט ראוי‘‘, לט1, עז/א.

טבּ פֿאַרטײַטשט תּפֿל — „אום גיזאַלצין„.. „נעם אום גיזאַלצני פּוטר און, בּאם איל [= בּוימל]“, סור, פֿב/ב. „ווערט דען גיגעסן איין און, גיזלצן שפּײַז אָן זלץ“, סהמ, איובֿ, ו, 1. „פֿלייש וואָס איז געלעגן דרײַ מעת־לעת אומגעזאַלצן, אומגעווייקט, טאָר מען עס שוין נישט זאַלצן צום קאָכן, נאָר מע מוז עס שוין בּראָטו„, הרבֿ משה טייטלבּויס, מעין טהור, [לבֿובֿ? יאָר?]. 2. וואָס האָט ניט קיין טעם. „און מײַן גטראַנק איז מער אום גזאַלצין אַז טינט וואַשיר„, בּן המלך והנזיר [איבּז], זשאָלקעוו 1771. 3. פֿיג. וואָס איז אָן קלאָרן, בּולטן אינהאַלט. עפּעס אַן א'ענע דרשה. ־ערהייט — אַדוו. ־.קייט.

או'מגעזאַ מט — אַדוו. פּפֿ: ~געזוימט.

אויך: ~געזאָמט. ניט־אָפּגעלייגט; גלײַך, תּיכּף־ומיד. “איך וועל א, אויך אונטערקומען„, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887. „האָבּ נאָר, מײַן טײַערע קעניגן, געדולד, איך וועל דיר דאָס א, אויך בּאַווײַזן„, [אמד], הנסיון, ווילנע 1856. „עס איז שוין לאַנג נאָך דער דריטער אַשמורה, און מע מוז זיך א, נעמען פֿאַר דער אַרבּעט“, י. א. לייזעראָוויטש, דער זינדיקער, פּעטראָגראַד 1919. „האָט ער נאָר די וועלט בּאַקלערט, טאָ האָט עס א, זײַן פֿרייד געווײַבט, זײַן רו

צעשטערט‘‘, אַל, 'מאַרטירער־בלוט,. ,,היות ער
ספּקט, לייג איך אים פּאָר, ער זאָל א אַליין
,
מאַכן אַזאַ עקספּערימענט,,, מוו איבז פּרויד,
—
,
אַרײַנפּיר אין פּסיכאָאַנאַליז. [מעגלעך אויך ווי
אַן אַדי: א'ע הילף. א'ער אַרויסהעלפּער.]
־ערהייט — אַדוו.
אומגעזאַנג — דער, ־ען. 1. שלעכט,
אוממוזיקאַליש געזאַנג. אַן א, וואָס רײַסט די אויערן.
2. נעאָל. מצבֿ פֿון ניט קענען זינגען (שאַפֿן
פּאָעזיע). ,,איך — אין א, פֿאַרלוירענער —
דערהער אַ נײַעם קלאַנג ווי דאָס געבוירן פֿון אַ
נײַעם זאַנג‘‘, סוצ, ייִדישע גאַס.
או'מגעזאַ'נגיק — אַדי. וואָס האָט ניט די
פֿעאיקייט גוט צו זינגען; אוממוזיקאַליש. אַן
א'ער שבֿט. ־יקייט — ,,עס איז אַ
מערקווירדיקע זאַך אָט די א, פֿון אַמעריקע,,, קאָר I.
או'מגעזוי'מט — אַדי. דזוו אומגעזאַמט.
,,דער מענש זאָל ניט זײַן טרעג, ווען ער ווייש
אירגנץ צו גיווינען אונ, און גיזוימט,,, צאינה,
מגילת רות. ,,אונ, אַנטליענט מן וואש דא זאָל
מנש ווידר געבן וויא מנש גינומן האָט
אונגיזוימט‘‘, בראנט. ,,דאַרום זאָל ער בלד אויש

זײַנם בעט שפּרינגן און גיזוימט„, לט1, ו/א.
„אײַלנד און א'...אויסצובּעסערן“, ר, הילל
ליכטנשטיין, עת לע□tות II, סאַטמאַר תּרל„ב.
„א, אונטערגעשיקט אין האָטעל צוויי
דעטעקטיוון„, בּאַש, פּאַר, 7 1962 IX.

או'מגעזוי'ערט
או'מגעזוי'ערט — אַדי. פּפּ: ~געזײַערט.
'ולחם מצות, (ש מות, כט, 2) — בּאר התּורה:
„און אום געזויערט בּרויט“. תּי: “און
אומגעזײַערט בּרויט“. ־קייט.
אומגעזוכט — אדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פּאַר אומזוכן ←. אַרומגעזוכט.
די א'ע שליסלען. 2. ניט־געזוכט. “עשירות
וואַס קומט אָן שווייס און א', איז נאָר אַ פּקדון“,
פּרץ, 'זיבּן גוטע יאָר,.
או'מגעזו'נגען — אַדי. ניט־געזונגען. „די זון
מעג זיך נייגן אויף מײַן האָריזאָנט...דערווײַל
זינג איך די א'ע לידער“, ווינטש II, נ“י 1927.
או'מגעזו'נט — אַדי. 1. וואָס איז אין
צושטאַנד, מצבֿ פֿון זײַן ניט־געזונט. „בּיסט א,
— ,
— לייג זיך אין בּעט“, רייד. “פּר צרת ווערט
ער און גיזונד/ הן דער בּחור ווערט מחילה

קרעציג,,, 'בּחורים ליד', פּפֿדמ 1750 [ייִבֿל XIII].
2. וואַס פֿירט דערצו, מע זאָל ווערן ניט־
געזונט. א'ע שפּײַזן. ,,אַלשׂ וויא איין חולה...פֿון
זײַן קרענק אויף שטיט, זוא מוז ער זיך פֿיל
מער היטן פֿר אונגזונדי שפּײַז'', אליעזר זוסמן,
יודש ר טרייאק, אַמש ס 1737. ''איז דער שתּן
רויט און, בּלייך, האָט ער וואשׂ אום גיזונדט אין
זײַנם מאגין'', סור, יז/ב.
3. וואָס איז פֿיזיש שעדלעך. א'ער ספּאָרט.
א'ער קלימאַט. ''דאז חמימות פֿון דער זונן, אים
סוף פֿון זומיר איז און ליידליכר, אַך און גזונדר
און, שעטליכר, מין אַלשׂ מיטן אים זומיר איז'',
צוכט. 4. וואָס איז אָדער קען זײַן שעדלעך,
שלעכט (פֿון פֿאַרשיידנסטע שטאַנדפּונקטן).
''וואָס צו (פֿיל) איז א'', שוו. ''דער צו מוז[ן]
זי האבּן ג[ר]ושׂי הינט, זונשׂטן מיינן זי עז ווער
איהנן אום גי[זו]נד'', דוד מוזיקוס, 'איין שין
ליד פֿון די הנד ווערקשׂ לייט', 1775 [ריב, פּש
I] פֿירט צו ניט קיין געווינטשטער א'ער
קאָנ. ,,
קורענץ'', בּ. האלפּערן, אַ האנטבּוך.. פֿון אַ
פֿאָלקסבּאַנק, ווילנע 1922. ''בּאַזײַטיקן די
חסרונות, אויסמײַדן די א'ע אָפּנייגונגען'', די
נאַרבּער שטימע, מאָסקווע 4 1924, No־5.

5. וואָס ווײַכט אָפּ פֿון דער נאָרמע, דעם דורכשניט אין אַ נעגאַטיווער ריכטונג. א'ע פֿעאיקייטן. א'ער כאַראַקטער פֿיל ביזה אום

. „

גיזונדי נאַטורן“, הבחור חנוך בר, צבֿי הירש [איבז], אגרת בעלי חיים, הענא 1718. ־ערהייט — אַדוו, (ב1). ־קייט — „טראָץ זײַן א', איז ער געווען איינער פֿון די טעטיקע פֿאָרשטייער פֿון פֿאָלק“, ש. ז. צוקערמאַן, טמז, 29 0▯19 XI.

אומגעזיגן — אַדי. אונגוי. דזוו אומגעזײַט.

„און אַז [דער פֿאַרשימלטער ווײַן] איז ניט ראוי צו טרינקען א', טאָר מען ניט זײַען אום שבת“, ספֿר מקור הברכה II, מונקאַטש תּרנ“ה.

אומגעזייט — אדי. 1. פּאָר אומזייען ←.

2. ניט־פֿאַרזייט. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.]

„דײַן ערד ווערט לידיג זײַן אום גיזייאט“, סהמ, ירמיה. „און אַפֿילו צום גראָז צו דעם ווילדן, וואָס וואַקסט א'“, איטשע סלוצקי, אינמיטן, וואַרשע 1939. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומגעזײַט — אדי. וואָס איז ניט דורך דורך אַ זײַער. ניט־דיסטילירט. א'ער מעד, ווײַן אע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעזײַ'ערט — אַדי. ניט־געזײַערט. ←

~געזויערט. „גרויסע אָרעמעלײַט עסן דאָס רובֿ א'ע ברויט, וואָס איז געבאַקן אויף מיסט טרוקענע“, אמד, מסע מצרים, ווילנע 1863. “און [לוט] האָט פֿאַר זיי געבאַקן א'ע קוכנס“, תּי, בראשית, יט, 3. „נאָר א, ברויט אָן פֿיר זאַכן, אָן שמאַלץ און זאַלץ, אָן אייער, אָן פֿעפֿער, דאָס איז שוין אַ ביסל פּריקרע“, ארז, קמ, 11 1866, No. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעזי'כערט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין זיכערונג, מען איז ניט זיכער מיט דעם. א'ע פּלענער. א'ע שטעל. א'ער אָפּמאַך. ־קייט.

או'מגעזי'נדיקט — אַדי. ניט־געזינדיקט. אָפּלעבן א,. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעזע'גנט — אַדי. וואָס איז אָן געזעגענען זיך, אָן אַ זײַ־געזונט. “אַוועקצוגיין א, שיקט זיך אויך נישט“, עט, סערקעלע. „נאָר הײַנטיקע וועלט טוט אָפּ אויף ענגליש, מע ציט זיך צוריק א'“, קמ, 32 1866, No. „ער האָט געמוזט כאַפּן די זאַכן גאָר א, מיט דעם חבֿר“, ווײַס, 'בערל און שמערל“. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעזע'טיקט — אַדי. 1. וואָס ווערט ניט זאַט, באַנוגנט זיך ניט; באַגעריק. עסן און בלײַבן א'. א'ער געליבטער. 2. וואָס קען ניט באַפרידיקט ווערן. א'ער פֿאַרלאַנג. א'ע תאווה. א'ע מערדערײַ. *א, אויג = וואָס וויל אַלץ וואָס עס זעט, מע קען זען. „זי איז געוואָרן אין שטוב די גאַנצע בעל־דעה...און דאָך איז געבליבן די האַרץ אומבאַפרידיקט און א'", אמד, דער טויטער קאָפּ, ווילנע 1867. „דער זעלבער געזעץ פֿון דער ייִדישער געשיכטע, דאָס זעלביקע א'ע לעכצן נאָך גערעכטיקייט", ב. וולאַדעק. „צו באַפרײַען דעם מענטש פֿון...זײַן א'ן אַפּעטיט צו כּבֿוד", ש. ווינער, עטיק, ישׂראל 1963. ־קייט.

או'מגעזע'ליק — אַדי. וואָס איז ניט ווי צווישן חבֿרים, געזעלן. אומפֿרײַנדלעך, אומגעזעלשאַפֿטלעך. אַן איינזאַמער, אַן א'ער אַלטער בחור.

או'מגעזע'לשאַפֿטלעך — אַדי. 1. וואָס איז אָן אינטערעס פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. א'ער קינסטלער. „דורכן זײַן אָפּגעשניטן פֿון פּראַקטישן לעבן...ווערן די געלערנטע א'", בצג, טמז, 1964 I ־י 25. 2. וואָס איז אָן אינטערעס פֿאַר געזעלשאַפֿט. יחידיש. אַן א'ער, זיצט ער

תּמיד אין דער היים. ״דאָ גילטן ניט קיין ' פּריוואַטע', א'ע מאָטיוון פֿאַר יאָ שרײַבן אָדער ניט שרײַבן,,, יובֿל־זבֿ לכּבֿוד דר, א. מוקדוני. ־קייט.

אומגעזע(ע)ן — פֿאַר אומזען (זיך) ←.

או'מגעזע'ען — אדי. 1. ניט־געזעען, וואָס מע קען ניט זען. ״די נאַכט ווערט אָנגעפֿילט... מיט געשרייען פֿון א'ע בּרואים, וואָס ווידמענען זיך אין די זומפּן״, אַש. ,,זיך בּאַווײַזן אַרויספּלאָנטערן פֿון דער א'ער נעץ״, משה קנאפּהייס, ליטעראַרישע בלעטער, בּ״א, 94 No־9. ,,ער האָט אַ היטל, וואָס ווען מ'טוט עס אָן, ווערט מען אַן א'ער״, בּאַש, פֿאָר, 1959 ‏I 18. ״די דורות די נאָך ניט געקומענע שטייען א'ע אויך דאָ״, אַל, 'יהודה המכּבי'. 2. ניט־בּאַמערקט, ניט־דערשאַצט. ,,דאָ איז פּאַסיק בּכלל

או'מגעט 'בֿלט

צו דערמאָנען אין יענער א'ער...אַרבּעט, וואָס אָן איר קאָן קיין צײַטונג קיין קיום נישט האָבּן״, לע, טמז, 3 .13 1963 III. אומגעהערט; וואָס איז בּיז איצט ניט געשען. ,,אין אָנבּליק פֿון דער א'ער אין דער געשיכטע טראַגעדיע,

וועלכע עס לעבּט אַדורך דאָס ייִדישע פֿאָלק אין פּוילן“, ע. רינגעלבּלום, כּתבֿים פֿון געטאָ II.
או'מגעזע'ענערהיי'ט — אַדוו. ווען מע האָט ניט געזען, מע זעט ניט; אין מצבֿ פֿון זײַן אומגעזעען. ליבּ (פֿײַנט) האָבּן עמעצן נאָך א'.
„אַרויס פֿון דעם אַנדערן זײַט א',„ אמד, דער בּדחן, ווילנע 1864.
אומגעזעץ — דאָס, ־ן. שלעכט געזעץ, גזירה.
„אין יעדער געגנט — אַן אייגענע סיסטעם [פֿון] א, און תּקיפֿות“, נש איבּז, שד III ‎י.
אומגעזעצט — אַדי. 1. פֿאַר אומזעצן ←.
2. ניט־סאָליד. א'ער מענטש. ־קייט.
אומגעזעצטהייט — די, ־ן. דטשמ. נר.
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אומגעזעצט, ניט־סאָליד. “ אַנדערע פֿון זייער נאַטירלעכע א'...„ אַנדערע פֿאַר בּאַצאָלונג זײַנען בּאַהילפֿיק געווען די מיאַטעזשניקעס“, בּרוך רידזונסקי, איבּז פֿון ווילנער קהל, 'הודעה על פּי פּקודת הקיסר יר“ה לעדת יהודים דגובּערניעס ווילנא והוראָדנא ואָבּלאַסט בּיאַליסטאָק', ווילנע 1812.
או'מגעזע'צלעך — אדי. וואָס איז קעגן געזעץ, ניט ווי דאָט געזעץ הייסט. א'ע מעשׂים.
„דער א'ער גנבֿ...גנבֿעט אין די עשׂרת־ימי־תּשובֿה ניט ווייניקער ווי אין די איבּעריקע

ד▯ריי הונדערט עטלעכע און פֿופֿציק טעג פֿון
יאַר“, ווינטש I, נ“י 1920. *א, קינד פֿון ניט
--- ▯

▯

קיין חתונה־געהאַטער פֿרוי אָדער ניט פֿון דעם
געזעצלעכן מאַן פֿון דער פֿרוי. ־קייט —
טאָן א'ן. שטראָפֿן פֿאַר א'ן. „האָבן שאַרף
פּראָטעסטירט קעגן דער א, פֿון די
רעגירונגסמענטשן“, וואָט ווילן די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין
רוטלאַנד7, זשענעוו 1899.
או'מגעזע'צלעכערהיי'ט — אדוו. ווען עס
איז ניט (אין מצבֿ פֿון ניט זײַן) אויף אַ
געזעצלעכן אופֿן. „קוקט מען א, דורך דעם אַלטן
הוספֿה־שטײַער און מע לייגט צו אַ נײַע
הכבדה“, ימ, צײַט, שאַוול 1924.
או'מגעזע'צמעסיק — אַדי. וואָס איז ניט
על־פּי נאַטור־געזעץ. א'ע דערשײַנונג. ־יקייט
— זיך אָנשטויסן אויף א'ן.
אומגעהכמהט — [...כאָכמעט] אַדי. וואָס איז
אָן חכמהן זיך. ריידן, שרײַבן א..
אומגעהשבונט — [...בעזשבנט] אדי. 1. פּאַר

אומחשבונען ←. 2. אומגערעכנט. געבן געלט א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעהתמעט — [...כאַסמעע] אַדי. ניט־אונטערגעשריבן. „דער סענאַט האַט ניט ראַטיפֿיצירט דעם אָפּמאַך, און ער איז געבליבן א'„. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעטאָקט — אַדי. ניט־געטאָקט. ניט־גענוג אויסגעאַרבעט. א'ע מעבלשטיק. א'ע דיקציע. ־קייט.

או מגעט 'בלט — [...טיוולט] אדי. 1. וואָס האָט זיך ניט געבאָדן אין מקווה, ניט געגאַנגען צו טבילה. אַן א'ער איז ער געגאַנגען דאַוונען.

אומגעטויפֿט

אַן א'ע איז זי אַוועק צום מאַן. 2. וואָס מע האָט ניט געטונקט אין וואַסער בײַם כשרן. „אַז מע לײַט אָדער מע דינגט כלים פֿון דעם געוועלבער...און אַז עס איז אַ גרויסע טרחה צו טובֿלען אָדער מע פֿאָרכט זיך, מע זאָל זיי ניט צעברעכן, מעג מען זיך באַנוצן מיט די געליגענע כלים א'", ספֿר מקור הברכה, מונקאַטש תרנ"ה, נב/ב. „כ'וויל נישט עסן פֿון קיין א'ע

כלים", באַש, פֿאָר, 2 1964 X. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעטויפֿט — אַדי. 1. אומגעשמדט. געבליבן נאָר איין א'ער אין דער משפּחה. 2. ניטגעטויפֿט, ניט אַריבער פֿון איין גלויבן אין אַ צווייטן. די א'ע געצנדינערס.
או'מגעטיי'לט — אַדי. וואָס ווערט ניט אָדער קען ניט געטיילט ווערן. „אַיעדער ייִד אַ פֿעסטע א'ע אמונה האָבן זאָל", ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע▯ ות II, סאַטמאַר תּרפ"ה (איבערדרוק פֿון תּרל"ב). "און אַזוי ווי [גאָט] איז איינער און אַן א'ער, זײַנען אַלע חקירות וועגן זײַן עצם... בלויז קינסטלעכע און אומלאָגישע", קאָר I. "יעדער פּערזאָן, יעדער איינציק געזיכט איז נאָר איינער פֿון די פֿלעקן, וואָס שטעלן צונויף דאָס בילד פֿונעם א'ן...שטעטלדיקן כלל", שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II. ־ערהייט — אַדוו. לאָזן דעם פֿאַרמעגן א'. ־קייט.
או'מגע'טלעך — אַדי. 1. פֿרײַ, וועלטלעך. ניט־מאָראַליש. „דאָס מעשׂה־בוך פֿאָלעמיזירט שאַרף קעגן די א'ע פֿאָלקסביכער„, י. מייטליס, צוק, 2 .1956, I. וואָס איז אָן אַ גאָט. "א'ע רעליגיע", לל, פֿאַש, 3 .1 ▯ 1961 I. וואָס איז אַנטימאָראַליש, שלעכט. "האָבן זאָגאַר קינדערן

געלט געגעבן אום דאָס זיא אויף דער גאַסן
דאָס א'ע וואָרט העבּב רעכט שרײַען זאָלן“,
'גזירה העבּב', 1819 [ייִבל ▯ י1, XI־▯]. 4. וואָס
איז ניט לויט גאָטס שטייגער. „דאָס לעבּן איז
גאָטס א'ער האַס“, לע, אַמעריקע און איך.
־קייט.
או'מגעטעס'סעט — אַדי. 1. וואָס איז ניט
אָפּגערייניקט פֿון דער קאָרע אע. א'ע קלעצער.
2. דזוו אומגעהובּלט, בּבּ 2־3, ←. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
או'מגעטראַ'כט — אַדי. 1. וואָס איז אָן
איבּערטראַכטן, אָן איבּערקלערן. „טײַערע
פֿייגעלעך, פֿליט צו מײַן נשמה א',„ ש.
בּערנשטיין, מאַגאַזין פֿון יודישע לידער,
בּאַרדיטשעוו 1891. 2. אומגעריכט. „גאָר א'...איז זי
אויפֿגעריכט געוואָרן,„ ג. ח. לעוונער, אַ חתן
אָן אַ בּאָרד, ווילנע 1901. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומגעטרוי — דער, ־ען (זן). דאָס ניט־
געטרויען. „ניט נאָר אַן אומצוטרוי צו אים ווי צו
אַ סעקרעטאַר, נאָר אַ פֿולער א, צו אַלץ וואָס
ער זאָגט,„.
אומגעטרוילעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט געטרויען. א'ער מענטש. א'ער

פֿאַלשער פֿרײַנד. —קייט.
או'מגעטרו'נקען — אַדי. 1. וואָס האָט ניט
געטרונקען. אַרומגיין אומגעגעסן, א., 2. וואָס
מע האָט ניט געטרונקען. א'ע גלאָז וואַסער.
־ערהייט — אַדוו.

553

אומגעטריבּט — אַדי. וואָס איז ניט געוואָרן
טרויעריק, טריבּ. „א, דײַן בּליק פֿון לײַדן,
ס'הערץ נאָך ריין פֿון זינד“, בּירך שאַפּיר,
מעלאָדיען, קראָקע 1886. ־ערהייט — אַדוו.
פֿאַרגאַנגען א,“, אמד, עווגעניע, ווילנע 1878.
„ — —
אומגעטריבּן — אַדי. [ווען אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פּאָר אומטרײַבּן ←. וואָס ווערט
געטריבּן אַ לענגערע צײַט פֿון אָרט צו אָרט.
פֿון די שחיטה־טעג געבּליבּענע פֿון אַ
טויט„ ,
שרעק א'ענע“, אַל, 'דער בּאַהעלפֿער'. 2.
ניטגעטריבּן. אַוועקגיין אַליין, א'. ־ערהייט —
אַדוו.
או'מגעטרײַ, — אַדי. 1. פֿאַלש, אומלאָיאָל;
וואָס היט ניט אָפּ התחײַבֿותן. אַן א'ער מאַן, אַן

א'ע פֿרוי. „און, דא דער הונט דיזי ריד האָט
פֿאַר נומן פֿון זײַן און גיטרײַאן הערן“, ספֿר
משלים, פּפֿדמ 1686. „ער איז מיט זײַן געלט
געפֿאָרן נאָך חבֿרון און האָט א, דערמיט
געהאַנדלט“, חיים־י ראל זאַכס, אַ געפֿערליכע
טריט, ווילנע 1896. „און אויבֿ די פּריסטער
זײַנע אים זײַנען א, געוועו“, יהואָש, '
חורקנוס'. 2. ניט־אויפֿריכטיק, ניט־איבערגעגעבן.
„דעם הולטײַ ווערט זײַן אייגענער אינטערעס
א'“, מס, משלי, תּקע“ד, יא, 18. 3. ניט־
גענוג פּינקטלעך. א, צום טעקסט, מקור. ־קייט.
או'מגעטריי'סט — אַדי. וואָס איז געבליבן
אָן אַ טרייסט(וואָרט). „איז דאָך קיין אָרעמאַן
אַוועק פֿון אים ליידיק און קיין אומגליקלעכער
— א,“, אמד, דער גואל, ווילנע 1886. „ווער
קען אונדז טרייסטן ווי דער א'ער פּאַעט מנחם
דאָליצקי?“, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ],
בּלעטער, פּעטערבורג 7 1900, No. „גיס מיך
פֿול מיט ליבשאַפֿט און מיט גאַרן צו דיר, ווען
א, בײַ דײַנע טירן וועל איך האַרן“, יהואָש.
־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומגעטרייסלט — אַדי. וואָס איז (ווערט)
ניט געטרייסלט, געשאָקלט, געוואַקלט. „צי
שטעקט ניט אַ שטיק אַפּיקורסות...אין דעם ספֿק

אין [דער תּורהס] א'ע אייביקייט?‟, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.
או'מגעטרײַשאַפֿט — די, ־ן. מצבֿ אָדער
פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעטרײַ, לעבן אין א'.
‟וו אַזוי זיי פֿלעגן זיך נוהג זײַן מיט זייערע
י
אייגענע חבֿרה־לײַט...בײַ אַן א',,, קמ, 1864, No
.37
או'מגעטריי'קנט — אַדי. 1. וואָס מע האָט
ניט (גענוג) געטריקנט. א'ע פּירות. 2. ניט
(גענוג) טרוקן געמאַכט. ,,אין מסכת סוטה זאָגט
ר, אבהו איינש דאשׂ דא עשׂט מיט און
גיטריקנטי הענד איז אים גירעכנט אַז ער זאָלט עשׂין
אונריין בּראט‟, בּראַנט. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
או'מגעטשע'קט — אדי. אַמ. 1. ניט־
קאָנטראָלירט. א'ע חשבונות. 2. ניט־אײַנגעהאַלטן,
ניט אָפּגעהאַלטן. א'ע ווילדע מעשׂים. 3.

ניטאָפּגעגעבן אין גאַרדעראָב (אויף צו היטן). א'ע
מאַנטלען.
או'מגעיו'זט — אַדי. אַמ. אומגעניצט. א'ע
כּלים.

או'מגעלאָ'שן

או'מגעיוי'רן — אַדי. וואָס האָט ניט באַוויזן צו יוירן. א, טייג. א'ענער ווײַן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעי'דישט — אַדי. 1. דזוו אומגעמלט. 2. וואָס האָט ניט באַקומען קיין ייִדישע ←. פֿאָרעם. אַן א'ער אינטערנאַציאָנאַליזם.

או'מגעכּשרט — [...קאַ'שערט] אַדי. ניט־געכּשרט. א, פֿלייש; א'ע כּלים. ־ערהייט — אדוו.

א ט — אַדי. אוקר. אויך: ~ געאומגעלומפּערט, מגושמדיק. אַן א'ער פֿויער. אַן א'ע כּלי.

אומגעכאַפּט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבּויט.] 1. פּאַר אומכאַפּן ←. אַרומגעכאַפּט, אַרומגענומען. "א, פֿון שוידערדיקן בּלינדן בּראַנד", בּראָד, איבּערגאַנג. 2. ניט־געכאַפּט. „עס דרייען זיך אַרום פֿרײַ אַ סך א'ע פֿאַרבּרעכערס". ־ערהייט — אַדוו.

אומגעלאָגן — אַדי. אַרכ. וואָס איז אָן ליגן. „און, אונזר רבּותינו לערנן פֿון אַל היא דשׂ ניט איין טרוים איז און גילוגיני ריד", טח, בּראשית, לז, 10. "דאז שפּריך וואָרט בּלײַבּט

ניט און גילוגין“, צוכט. „זאָג מיר דיא וואָרהייט און גילאגן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

אומגעלאַגערט — אַדי. 1. פּאַר אומלאַגערן ←. 2. (סוחריש) וואָס מע האָט ניט אַוועקגעלייגט אין אַ לאַגער. פֿאַרקויפֿן א', דירעקט פֿון וואַגאָן. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעלאַדן — אַדי. דטשמ. אומפֿאַרבעטן.

פֿאַרקערט [אסתּ] האָט געפֿאַסט דרײַ טעג...

— „און א, צום קיניג געגאַנגען“, קמ, 7 1866, No.

„אַנטשולדיקט פֿאַר אַרויפֿקומען אַהער אַן א'ענער“, א. גילנער, טמז, l3 X 1963. „פֿלעגט זיצן בײַ אַ באַל אַן א'ענע [צום טאַנצן]“, טמז, 3 IX 1964. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעלאָדן — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פּאַר אומלאָדן ←. סחורה, א, פֿון וואַגאָן אין וואַגאָן. 2. ניט־געלאָדן. א'ענע ביקסן. „גלײַך איינר דער דא שיסט איין אום גילאדני ביקס“, ר, יהודה ליב בר, משה זעליחאָבֿר, שירי יהודה, אַמשט 1697 ־ערהייט

.

— אַדוו.

אומגעלאַסן — אַדי. וואָס איז אין אײַלעניש;

ניט־בּניחותא, ניט־בּנעימותדיק. א'ענע רייד.
־קייט.
אומגעלאַפּלט — אַדי. אַרכ. ניט אַראָפּגעריבּן
מיט אַ מכשיר (מיט אַ לעפּל). „אַך איז אָסור
דיא נוסן צו לאַפּלן דאז גרין הראבּ צו מאַכין
[אום שבּ], דער וויַל דאשׂ מן זיא קאַן אַזוי
עשׂין און גישילט אונ, און גילאַפּלט“, לט1,
עה/א. [אַזוי אויך אין אַנדערע אויסגאַבּעס בּיזן
19. י״ה. אין שפּעטערדיקע אויסגאַבּעס ווערט
דאָס וואָרט דורכגעלאָזט ווי אויך דער ווערבּ
לאַפּלען.]
אומגעלאָפּן — אדי. פּאָר אומלויפּן ←.
או'מגעלאָ'קט — אדי. וואָס איז ניט (געמאַכט)
מיט לאָקן. א'ע האָר, פּאות. ־ערהייט —
אדוו. ־קייט.
או'מגעלאָ'שן — אַדי. 1. ניט־געלאָשן. א,
פּיַער. 2. ניט בּאַגאָסן מיט וואַסער (וועגן

או'מגעלוי'בּט

קאַלך אין זיַן נאַטירלעכן צושטאַנד). „נעם איין א
שטיק אום גילאָשן קאַלך אונ, צו שלאָג עשׂ“,
ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II, קיטן תּע„ז.

-

.

,,וואַרט אויס ביז דאָס צישען וועט אויפֿהערן, דה ביז דער גאַנצער א'ענער קאַלך וועט צע־ א גיין,,, יאַכ. 3. ניט־געשטילט. ,,און מיט דאָרשטן, שטענדיק א', טריקנט ער טײַכן קלענערע“, לע, אַמעריקע און איך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעלוי'בט — אַדי. ניט־געלויבט. שטענדיק אַ פֿאַרשטויסענער, אַן א'ער. ־ערהייט — אַדוו. א

אומגעלויפֿיק — אַדי. ניט־געלויפֿיק, זעלטן. אַן א, וואָרט.

אד'מגעלו'מפערט — אַדי. ד טירינגען, העסן רי]e1um יז אין געוויינעכער גרייס;

ert n ו. 1. מגושמדי;

אומסימעט, וואָס

וואָס איז מיט ווילדע באַוועגונגען אָדער אומבײגיק. א, ווי אַ בער. א, גיין, ריידן, טאַנצן אאַזוו. א, גרויס. ,,יִדן לויפֿן, שרײַען, ברומען א א, און צעהיצט“, פֿרוג, 'משיחס צײַטן,. ,,ראַקעס וואָס קריכן א, איינע די אַנדערע אויף די קעפּ,,, ממוס, קליאַטשע. ,,דאָס געשטאַלט פֿון דעם

מענטשן איז געווען אײַנגעבויגן און א'“, ספּ, נליקלעכע און אומגליקלעכע. „דער מענטש איז גרויס, א',„ יך I. „אַן א'ע אויסגעקרימטקייט פֿון אַ ליניע,„ שנ.

2. אומפֿאָרעמדיק, משונהדיק לויטן אויסזען, גראָטעסק. „אינגאַנצן איז עס עפּעס א', אַ מין חיה, אַ פֿאַרזעעניש, גאָר אַנטיק,„ ממוס, ספֿר הבֿהמות. „זעט שוין ניט...זײַנע א'ע שטותים,„ ייִל, דער פּריטשעפּע, אַדעס 1876. „זיי זענען עפּעס אַזוי א', אַזוי נישט שיין, אַז זיי האָבן גאָר קיין פּנים ניט פֿון פֿרײַלינס“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „אַן א'ע פֿאַרשטויבטע שטאָט“, יהואָש, ,די אײַזנשטאָט'.

3. פּאַרטאַטשיש, ניט לויט דעד מאָס געמאַכט. אַן א'ע מאַרינאַרקע. אַן א'ער אַלמער.

4. אומקולטיווירט, אומעלעגאַנט; ווילד. „עס א
לעך“, מס, משלי, תּקע„ד, יז, 7. „הײַנט דאָס שטייט נישט אָן דעם גראָבֿיאַן זײַנע א'ע

חכמהרעדן זייערס, דאָס עסן איז אויך עפּעס א': דאַכט זיך גערעדט, און ס'איז...גאָר געבֿעבֿעט; דאַכט זיך געגעסן, און ס'איז...גאָר געפֿרעסן“, ממוס, שלמה. „זאָגט אַן א'ן פֿאָרשטײַטן וואָרט“, א

,

י. ראָלניק, גש.

5. צעקרימט, צעדרייט. פֿאַלש. ,,די רײַכע פֿרומע ייִדן אין פּוילן גיבן אַזאַ א'ע דערציאונג זייערע קינדער“, ספּ, סודות. ,,געבן צו פֿאַר־ א שטיין דעם א'ן ענין“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. ,,אַן א'ער ווידערשפּרוך, וואָס קאָן זיך על־פּי שׂכל ניט האַלטן אַפֿילו אַ רגע“, זשיט IX, נ.,י 1919. ,,אויך די רויז, וואָס אין פֿאָלק האָט מען נאָך וועגן איר בּיז הײַנט די א'סטע פֿאָרשטעלונגען און מע מיינט נאָך אַלץ, אַז זי קומט א פֿון אַ שרעק“ פֿגעז, פּאַריז 1949 4, No. ,,א'ע

,

טעאָריעס פֿון ראַסן־שאָוויניזם,,, שנ.

אומגעלומפּערט — דער. מצ נבֿ. נעאַל. סובֿ.

← דפֿוו. ,,ער פֿלעגט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם...א, אײַלן זיך צוריקקערן צו דער זינדיקער ערד,,, ימ איבֿז, טאָמאַס מאַן, טאַניאַ קרעגער, 1930.

ומגעלומפּערטערהייט — אַדוו. ,,[אסתּר] האַלט ווײַטער אומרואיק אַלץ אײַן, איצט שוין

א, ווײַל זי האַלט נאָך באַזונדער שוין אַן
אויסגעשאָרענע 'באַרנע,,,, טאָגבוך', ייִבל XI, 1־2.
ומגעלומפּערטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומגעלומפּערט. ,,די
א, און די טראַגישקייט פֿון דעם וואָס מע רופֿט
מיט אַזאַ אומפֿאַרשטענדלעך וואָרט — לעבן,,,
ימ, נײַס, 1923 ,,נישט אַזוי די א, פֿון אים,...
נאָר זײַן פֿינצטער שווײַגן האָט זיי פֿון אים
געטריבן,,, מבֿא, זאַוול רימער.
ו'מגעלונ'גען — אַדי. אומגעראָטן, ניט־
אײַנגעגעבן. א'ע אַרבעט. א'ע דראַמע. א'ע
אָפּעראַציע. א'ער פּ .וו צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט. ,,א'ע
ליבע,,, מר, לעבנס־באַשרײַבונגען..., נ"י 1906.
,,ער האָט דאָס געלט פֿאַרלאָרן אין אַן א'ער
ספּעקולאַטיוו־פֿינאַנציעלער אָפּעראַציע,,, אַ.
גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל,,אַ 1957. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט — אומגעראָטנקייט.
ומגעלט — דאַס. מצ נבֿ. M d: un־g 1t.
1. (אומיושרדיקער) אָפּצאָל בײַם אַרײַנפֿירן
אָדער פֿאַרקויפֿן לעבנסמיטל אאַ סחורות. רײַסן
א'. בדלות ווערן פֿון דעם גרויסן א'. 2. ספּעצ.
אָפּצאָל פֿאַר מעגן מעסטן ווײַן (אייל, אפֿשר
אויך אַנדערע פֿליסיקייטן) מיט אַ קלענערער

מאָס, אַרויפֿגעלייגט אין 1358 אויף דער
ווײַנפּראָדוקציע. לקט יושר (לר, יוסף בר, משה,
חלק אורח חיים, בערלין תּרס„ג) — דערציילט:
„כּי היה ליהודים מדה גדולה להבֿדיל מהגוים
מחמת שאינם צריכים לתּן מכס שקו, אונגעלט„.
שפּעטער האָבן ייִדן אויך געמוזט צאָלן א'.
„מס מכירת יין במה שקורין אום געלט“, יוסף
אומץ, פֿפֿדמ תּפּ„ג, קכג/א. דערמאָנט אויך אין
תּקנות וואָרמס, תּט„ז [ריבֿ, ייִג].
3. שלעכט געלט, וואָס גייט ניט, ווערט ניט
אָנגענומען. „די זעלבע פֿאַרווענדונג [פֿון
אויסלייז־געלט] האָט געהאַט דאָס ,אומגעלט, פֿון די
דײַטשע שטעט“, מערימאָן איבז, קראָפּאָטקין,
קעגנזײַטיקע הילף, נ"י 1913.
□ 'מגעלי'בט — אַדי. וואָס ווערט ניט
געליבט. ווי אַ סוב: א'ע(ר). „בײַ א'ע איז גאָר
פֿאַרקערט: איינער ווײַכט דעם אַנדערן„,
גענאַרטע וועלט, 1815? [סאָוו אויסגאַבע 1940].
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
ו'מגעלי'ווערט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
צוגעשטעלט (הגם מע האָט עס באַשטעלט). א'ע
סחורה. אויך: ~געליפֿערט.
ומגעליטן — אַדי. 1. פּאָר אומלײַדן ←.
2. [דאָ און בּ3 — או'מגעלי'טן.] ניט־געליטן.

דער איינציקער א'ענער פּאַסאַזשיר. 3. וואָס מע פֿאַרלײדט ניט, מע פֿאַרטראָגט ניט. „[ער] וואַר אַלזאָ אין אָנפֿאַנג דאָרט גאַנץ א'", אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878.

ומגעלייגט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פּאָר אומלייגן ←. איבערגעלייגט, איבערגעקערט; אײַנגעוואַלגערט. בלײַבן א, ווי אַ שטיק האָלץ. „דער וואַלד ליגט א, פֿון היץ„, בעריש ווײַנשטיין, צוק, 1963, 1. 2. ניט־געלייגט. „דאָס זײַנען דאגות אום א'ע אייער", טענדלאַו, 506 = פּוסטע, קנאַפּע דאגות. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעלע'רנט

או'מגעליי'זט — אַדי. וואָס איז אָן אַ באַשייד, אָן אַן ענטפֿער. א'ע פּראָבלעמען. „ער איז געווען — און פֿאַרבליבן — אַפֿילו פֿאַר זײַנע קרובֿים אַן א'ער סוד„, מ. נתן, איק, פּסח תּשכ„ד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעלײַ'טערט — אַדי. ניט־געלײַטערט. א'ע כּוונות. ־קייט.

או'מגעליי'ענט — אַדי. א'ע מאַנוסקריפּטן. דאָס בוך איז געבליבן א,. „דײַן חלום...ער פֿר גלײַכט זיך [צו] איין בריוו אום גילייאט„, צוכט.

—ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעליי'קנט — אַדי. ניט־געלייקנט. א'ע באַשולדיקונגען. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

או'מגעלי'נדערט — אַדי. וואָס מע האָט ניט לײַכטער, גרינגער געמאַכט. א'ע נויט. א'ע ווייטיקן. ־קייט.

או'מגעלע'בט — אַדי. וואָס האָט ניט געלעבט גענוג לאַנג אָדער ניט הנאה געהאַט פֿונעם לעבן. „אַוודאי ווילט זיך אים ניט שטאַרבן א',„ ייִל, פֿונעם יאַריד, אַדעס 1909.

או'מגעלע'גן — אַדי. 1. ניט־צײַטלעך. „דער ענין איז א', מע מעג אים אָפּלייגן“, רייד. 2. ניט־נײַגעריק, ניט־פֿאַראינטערעסירט. זײַן א, אין עמעצנס פּריוואַטע ענינים. 3. אומבאַקוועם. וואָס איז אין אַ פֿאַרלעגנהייט. „די קינדר מאַכן דער תּפֿלה גרוישׂה הינדר, און, מאַכן אײַך אין דער שול פֿיל אום גילעגין“, ר, יהודה ליבֿ בר, משה זעליחאָבֿר, שירי יהודה, אַמשט 1697.

אומגעלעגנהייט — די (דאָס), ־ן. שלעכטע, אומפּאַסיקע געלעגנהייט. „זאָלן אירן רוגז כּובֿש זײַן דז ניט איין גרושׂי און גלעגנהייט דר פֿון קומט“, ר, יעקבֿ בך, מתּתיהו איבֿז, תּם וישר, פֿיורדא 1768. „זאָלכיר אום גילעגינהייט,

דאַרויש גימיינגליך ניקש גוטש ענטשטיהט,,,
'שילדבּורגר זעלצאַמי אונ, קורצווייליגי
גישיכטי, [אָוועIII]. ,,בּײַ יעדער געלעגנהייט און א'...
וואַרפֿט ער זיך אַרויף אויף מיר,,, י. אַלמי.
אומגעלעגערט — אדי. 1. דזוו
אומגעלאַגערט ◻.). 2. ניט־פֿאַרלעגערט, וואָס איז ניט
לאַנג געוועזן אויפֿן לאַגער. א'ע עפּל. ־ערהייט
— אַד◻ו.
או'מגעלע'זן — אדי. דטשמ. ניט־געלייענט.
א'ענע בּיכער. ־ערהייט — אדוו. ,,אַלזאָ
קום איך...צו אײַך מיט מײַן בּריוו, נאָר כּדי איר
זאָלט אים ניט אַוועקלייגן א',,, פּ. קריטשעווסקי,
יודען אונד יודענטהום, בּאַרדיטשעוו 1894.
או'מגעלע'כערט — אַדי. וואָס מע האָט אין
דעם ניט געמאַכט קיין לאָך אָדער לעכל(עך).
א'ער זאַק. א'ע אויערלעפּלעך. ,,אַכציק פּערליין
דיא וואַרן און גילעכרט,,, יוסיפֿון, אמשט 1661.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מגעלע'רנט — אַדי. 1. וואָס מע האָט (די
זאַך, דעם ענין אע) ניט געלערנט. ,,ווען די
לומדים אַלי זאָלטן רײַך זײַן אַזו מוזט די תּורה
אום גלערנט בּלײַבּן דען עשׂ ווער קיינר קיין
מלמד...'', עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו
1796. ''זעט מען פֿון זיי נישט קיין אותּות

ומופֿתים גאָר א', גאָר אָן חכמות?,,, גענאַרטע וועלט, 1815? [סאָוו אויסגאַבּע 1940]. 2. וואָס האָט ניס געלערנט, ניט געשטודירט.

אומוויסנאו'מגעלע'שט

דיק. ,,אַזעלכע קרעפֿטן (כּוחות) האָט די נאַטור מערער, נאָר ניט אַזוי פֿיל וויפֿל דער א'ער מענטש מיינט'', קמ, 2 1865, No. ,,ליגט אָפּ וואָכן בּײַם רבּין...מוז זי נעבּעך א, ווערן אַן אשת־חייל'', צעד. אָפּט סובֿ. ,,דער מענטש, וואָס געלערנט איז...קען זיך פֿיל בּעסער רעטן אַלס דער א'ער,,, יעקבֿ מאָרגענשטערן, די שיינע בּלוהמכען, וואַרשע 1880. 3. וואָס מע האָט מיט דעם ניט געלערנט. א'ע קינדער. ־ערהייט — אַדוו. קענען א'. ־קייט — שעדלעכע א'.
או'מגעלע'שט — אַדי. דזוו אומגעלאָשן ←.
,,נעם...פֿיר לוט אום גלעשטן קאַלך'', ר, משה רופֿא מק''ק מעזריטש הסמוך לבּריסק, ירןשת משה, [ווילהרמשדאָרף?] 1677.
אומגעמאַטערט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבּויט.] 1. פּאַר אוממאַטערן ←. א'ע אַ לאַנגע צײַט. 2. ניט־געמאַטערט. אַרויסלאָזן פֿון תּפֿיסה א'. א, עפּעס דערגרייכן. ־ערהייט

— אַדוו.

אומגעמאַך — דאָס. מצ◌ֿ un־gemaeh :M◌ֿd.
אַרכ. 1. אומרו, פֿאַרדראָס, שלעכטס, צרה.
„ליידש ויל אונ, אונגמאַך וואונט אַלש אונטר
זײַנם טאַך„, שמואל הוגרלן, 15. י״ה [ריב,
אַזאַרטשפּילן]. „פֿיל לייאן אונ, בּאָרגין, אישׂט...
ארשפּרונג אַלי זאָרגין, דרום מינערט אייער
גישעפֿט, דרפֿט איר ניט זאָרגין דז אײַך און
גימאַך בּיטרעפֿט„, צוכט. „איך זיך [= זע] דאָך
וואול דאז איין יעדיר הויז אונגימאַך אונ, צרות
שטעקיט זוא פֿיל„, גה, 166. „מיט גרושׂם און
גימאַך בּיז גינין מיטאָג ער דא זאשׂ״, ספֿר
משלים, פֿפֿדמ 1686. 2. אומאָרדענונג. „וויילן
זיא דען גרושׂן גשטאנק אונ אונגימאַך ניכט
מעהר קענטן פֿר טראָגן„, מראות הצובֿאות,
וואַנדזבּעק 1718. 3. אומאָנגענעמע,
אומבּאַקוועמע סיטואַציע. ז ײַ ן אין א'. געווען אין
לשון פֿון אַלטע לײַט אין לר. „איך בּין אין
א, מיט מײַנע אייניקלעך„.

אומגעמאַכט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פֿאַר אוממאַכן ←. איבּערגעמאַכט.
אַן א, שטיקל אַרבּעט. 2. וואָס איז ניט
געמאַכט, ניט בּאַאַרבּעט. „הונדערט צענטין און
גמאַכט אײַזן„, בּאַלעגערניש ־ערהייט —

-

אַדוו.

אומגעמאַכ□ □ □. > האַלענדיש. אומגעמיטלעך,

— אַדי. ← אומגעמאַך. פּפֿ:

~געמאַק

אומבּאַקוועם; צרהדיק ־קייט — „דא זײַנן

.

פֿיל פֿון דיא יהודים אויף דיא וועג גשטארבּן

פֿון (צער) אונ, אום גימאַקליכקייט אונ, דיא

איבּריגי בּגאבּן זיך נאָך טײַטש ל[אַ]נד“, שאַר, צ.

או'מגעמאָ'לדן — אדי. 1. וואָס האָט ניט

(אַפֿריִער) געגעבּן צו וויסן. קומען א'. דער

א'ענער גאַסט. 2. וואָס מע האָט וועגן דעם

ניט געגעבּן צו וויסן. א'ענע בּאַשטימונג.

3. אומרעגיסטרירט. לעבּן א, אויף אַ נײַעם

אַדרעס. אַן א'ענער אין פּאָליציי־בּאַצירק.

־ערהייט — אַדוו. אַוועקפֿאָרן א'.

אומגעמאָלט — אַדי. 1. פּאַר אוממאָלן ←.

איבּערגעמאָלט. פֿון גרין אויף שוואַרץ א'ע

פּאָליצעס. א'ע בּרעטער. 2. [דאָ און בּ3 — או'

מגעמאָ'לט.] וואָס קען ניט טרעפֿן. אַזעלכענע

זאַכן זײַנען אין לעבּן א'. 3. ניט־געמאָלט.

ווײַסע, א'ע פּאָליצעס. מיט אַ זאַק א'ן קאָרן.
־ערהייט — אַדוו, בב 1, 3.
אומגעמאָלן — אַדי. דזוו אומגעמאָלט (נאָר
מיטן גרונטבאַטײַט מאָלן — צעריײַבן). א'ענע
גרויפּן. „דען זאלטן זיא [אדם וחוה] ניט האבן
דיא עבֿירה גיטאן זיא מעכטן האבן גיגעסן
ווייץ און גימאלן„, צאינה, בראשית. ־ערהייט
— אַדוו.
או'מגעמאָ'לקן — אַדי. די א'ענע קי מיט די
פֿולע אײַטערס. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

או'מגעמאָ'נט — אַדי. ניט־געמאָנט. ליציטירן
די א'ע זאַכן. ־ערהייט — אַדוו. אָפּגעבן א'.
אומגעמאָסטן — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבויט.] 1. פּאַר אוממעסטן ←. 2.
ניטגעמאָסטן. אַוועקגעבן א', אומגעוואויגן. „מען
גיבט מיט פֿוליר הנט אום גצילט אונ, אום
גמאָסטן„, ר, זאבֿ בר, יוסף, דרישת הזאב,
בערלין 1740. 3. ניט־אָנגעפּאַסט. קויפֿן אַ
קאָסטיום א'. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומ(גע)מאַרקירט — אַדי. ניט־געצייכנט
(געוויינטלעך: אָן צייכן פֿון פּרײַז אָדער פֿון

איכות). א'ע רעשטלעך סחורה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעמזיקט — [...מאַ'זיקט] אַדי. דזוו אומגעניזוקט ←.

אומגעמיט — דאָס. מצ נבֿ. שלעכט געמיט, שלעכטע שטימונג. פֿאַרטרײַבן דאָס א, מיט אַ לחיים.

או'מגעמי'טלעך — אַדי. וואָס שאַפֿט ניט קיין גוט געמיט. אומבֿאַקוועם. דאָס א'ע צימער. דער א'ער אמת. „עס איז מיר געוואָרן אַ בּיסל א, אין מײַן דײַטשן האָטעל“, זשיט III □ י. „איך עפֿן דעם קראַן — ניט קיין טראָפּן, עס ווערט א'„ קאָר III. ־קייט.

או'מגעמיי'ן — אדי. 1. ניט־פּראָסט, ניטגראָבֿ (אָבער אויך ניט אינגאַנצן איידל). א'ע רייד. 2. וואָס איז העכער פֿון דורכשניט. ניט־פּשוט. א'ער מענטש.

אומגעמיינשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. ניטבֿשותּפֿותדיקייט. „— איר רעדט וועגן אַ געמיינשאַפֿט צווישן מיר און אים. ס'איז אַן א'„, רייד □ ־לעך — אַדי. ־לעכקייט.

או'מגעמי'נערט — אַדי. וואָס איז ניט געוואָרן קלענער. א', ס'זאָל פֿעלן אַ האָר. „מיט אַן א'ער קראַפֿט“, ש. וויגאָדאַ פֿאָר, 1964 III 15.

,
או'מגעמי'נצט — אַדי. ניט־געמינצט. „מן
נעמט זיא אַוועק אַל איר גאָלד און, זילבּר, עשׂ
זײַא גמינצט אודר און גמינצט“, שאַר, עד/ב.
או'מגעמי'סטיקט — אדי. וואָס איז ניט
געוואָרן געמיסטיקט. אַן א, פֿעלד.
אומגעמיש — דאָס (דער), ־ן. 1. סטוטש. דאָס
וואָס האָט ניט אין זיך קיין געמיש פֿון
פֿאַרשיידענע מינים; דאָס איינמיניקע. 2. שלעכט,
אומגעראָטן געמיש. אַן א, אין קאָמפּאָט. אַן א,
אויפֿן טיש.
אומגעמישט — אדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פּאַר אוממישן ←. איבּערגעמישט.
אויס(דורכ)געמישט. „עשׂ האָט איינר אום
גמישטין בּראַנד ווײַן 9 פּינט וועלכר 1 אונד 4

אומגענאָד

איזט“, מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג
תּקל„ה. 2. ניט־געמישט. „די דא בּקלעבּן מיט
בּיזן אום גמישטן ליים...דער ליים ווערט אראבּ
פֿלן...“, סהמ, צט/א. אויך: ניט־געמישט קאַלך.
א'ער שנאַפּס. א'ע ראַסע. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומגעמלאָכהט — [...מעלאָ'כע▯] אַדי, פֿאַר
אוממלאָכהנען ←. „וואָס עס איז א, איז
אָנגעסרחהט“, פֿוול בײַ בעלי־מלאָכות. ־קייט.

אומגעמלט — [...מאַל▯] אַדי. ניט־באַשניטן
לויטן דין, ניט דורכגעמאַכט ברית־מילה. פֿד:
~געמלעט, אויך: ~געמלהט. „ער האָט
נאָך צוויי קינדער אום גימליתּ“, ספֿר דובֿר
שלום, פּשעמישל [יאָר▯]. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

או'מגעמע'לדט — אַדי. דזוו אומגעמאָלדן
←. „דאָ וויל איך גלײַך וואויל גיין א',,, ר,
אַהרן מטריבש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר„ג.

או'מגעמע'סן — אַדי. אַרכ. דזוו אומגעמאָסטן
←. „ער האָט גיהיישן יוסף מן זאָל אַן פֿילן
קאָרן דען בּרידר און גימעשׂן“, צאינה, מקץ.

או'מנעמע'רקט — אַדי. ניט־באַמערקט,
ניטגעזען פֿון קיינעם. „צווישן מאָרגן און אָוונט
ווערן זיי צעשטויסן, א, גייען זיי אונטער אויף
אייבּיק„, תּי, איובֿ ד, 20. ־ערהייט — אַדוו.

▯

אומגעמעשרט — [...געמײַ'סערט] אַדי. וואָס
מע האָט פֿון דעם ניט אַראָפּגענומען קיין

מעשׂר, אַ צענט־חלק. „ווען די תּבֿואה,...פֿרוכטן און גרינסן קומען...אַרײַן אין הויף, אין ,חצר, טאָר מען פֿון זיי שוין גאָרניט פֿאַרזוכן...א',„, פּיעט, זרעים, 302. „אויך זײַן מיר ניט אַמאָל צו דען איזל פֿון ר, בן יאיר צו גלײַכן, אַז ער האָט אין דרײַא טאָג נישט גיגעשׂן...פֿון תּבֿואות ...וואשׂ אים ר, פּנחס בן יאיר זײַן משרת האָט טאָן אום גימעשׂרתּ פֿאַר רײַכן“, עיון, ג/ו. „די רבּנים האָבּן געלערנט דאָס די חולי אַסכּירה קומט ווען ער עסט א'ע פּירות“, מהמ I, ווילנע תּרס“ז, 30.

א, ג ע ל ט. [זינט שפּעטערן מיטלעלטער (12. י„ה?) האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מנהג אַראָפּצונעמען פֿון אַלע פֿאַרדינסטן און געלט־מתּנות אַ צענטחלק פֿאַר צדקה אָדער אויך פֿאַר אַנדערע מצווה־זאַכן פֿריִער האָבּן זיך אַזוי געפֿירט

—.

גאָטספֿאָרבטיקע יחידים, אין מזרח־איראָפּע איז עס שפּעטער געוואָרן אַ שטריך פֿון פֿרומען לעבּן־שטייגער.] „ווער עס וויל זיך רעכט נוהג זײַן מיט דעם מעשׂר געבּן, זאָל ער לייגן געלט אין דרײַ כּלים: אויף איינער זאָל ער אויפֿשרײַבּן טבֿל, דאָס איז נאָך ניט געמעשׂרט, אויף דער אַנדערער — מעשׂר..., אויף דער דריטער

...חולין, דאָס הייסט שוין געמעשׂרט...צדקה איז
ער מחויבֿ דערפֿון צו געבֿן, ניט פֿון דעם א,
געלט", לט2, כח/ב.
אומגעמשפּט — [...מי'שפּעט] אַדי. וואָס מע
האָט ניט געשטעלט פֿאַר אַ געריכט. א'ע
פֿאַרבֿרעכנס. ־ערהייט — אַדוו. אַרויסלאָזן פֿרײַ,
א'.
אומגענאָד — די, ־ן (זן). פּפֿ: ~גנאָד.
היפּוך פֿון גענאָד; אומרחמנות, אומגינציקייט.
„אין דיא העכשׂטי אום גינאָד און, שטראָף
פֿאַלין„, 'שילדבורגר זעלצאַמי און, קורצווייליגי

▯

או'מגענאָ'סן

גישיכטי, [אַווע III]. „און איר וועט דערשפּירן
מײַן א'", תּי, במדבר, יד, 34. „אין א, בײַ ר'...",
ייִט, פּוילן ▯I.
ז ײַ ן אין א', צזוו. "יעקבֿ...בּפֿערכט זיך
פֿילײַכט ער בײַ גאָט אין אום גינאדין זײַן, אבֿר
דער אמת וואַר דער קונטרא", ר, יוסף

דאַרמשטאַדט [איבֿז], תּורת משה, קאַרלסרוא 1770.
או'מגעגנאָ'סן — אַדי. מאַרק ווב. וואָס מע האָט ניט געגנאָסן, ניט טועם געווען, ניט הנאה געהאַט. א'ענע מאכלים. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעגנאַ'רט — אַדי. ניט־(אָפּ)געגנאַרט. געוואַרט, אָבער א, (ווען אַ מיידל וואַרט אַ לאַנגע צײַט און דערוואַרט זיך, דער בחור זאָל זי נעמען).
אומגעגנאַרעריש — אַדי. וואָס איז אָן געגנאַרערײַ. א'ע צוזאָגן.
אומגעגנגלעך — אַדי. וואָס איז איו אומגאַנג. ,,אָן קענטעענישן פֿון דעם נײַעם לאַנד, אָן דער א'ער שפּראַך“, דא פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראָנ, ציסקאָ, וואַרשע 1930. ־קייט.
אומגענוג — אַדוו. ניט־גענוג, ניט אין אַ באַפֿרידנדיקער מאָס. געבן, טאָן עפּעס א'.
או'מגענו'גיק — אדי. וואָס איז ניט־גענוג. א'ע באַשפּײַזונג, באַמיאונגען ־יקייט — ,,בולט

צו מאַכן די א, פֿון אונדזערע איצטיקע פֿאַראַלגעמיינערונגען“, ייִפֿאַ, 13.
אומגענוגלעך — אַדי. מאַרק ווב. דזוו אומגענוגיק ←.

אומגענוגן — אַדוו. דזוו אומגענוג. אַרכ. [די ענדונג ד איז אָפּגעפֿאַלן. ← דוווו.] „דשׂ קיין מענש מיגליך איז אום גנוגן צו רידן פֿון זײַן גוואַלטיק קינגרייך„, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, קיט/ב.

אומגענוגנד — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. „א'ער שלאָף איז איינער פֿון די פֿאַקטאָרן, וואָס שטערן דעם אַפּעטיט„, פֿגעז, פּאַריז 4 1949, No.

אומגענוגנדיק — אַדי. דזוו אומגענוגיק.

[פּרוּוו צו פֿאַריִידישן 1)n□g□[n□ung. נר.] ,, קאָמבּינירטע מיטלען דורך געבּן גלײַכצײַטיק אַן אײַנשלעפֿערישן מיטל האָבּן זיך אַרויסגעוויזן א, פֿאַר אַלע אָפּעראַציעס„ פֿגעז, ווילנע 1940,

— —
,

.No 8

או'מגענוי, — אַדי. אומפּינקטלעך. א'ע אינפֿאָרמאַציע. „שרײַבּט ער צו שיין, צו ליטעראַריש, און דערפֿאַר פֿילאָסאָפֿיש א'„, קאָר I. ־קייט — „דער מצבֿה־קריצער האָט נאָך פֿון זיך דורכגעלאָזט אַ היפּשע צאָל גרײַזן, אַזוי אַז העכער אין א, קען מען ניט שטײַגן“, אַנטאָן לוריא, ייִבֿל 5 ,XIII־6.

אומגענומען — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבּויט.] 1. פּאַר אומנעמען ←. אַרומגענומען.

,,די תּקופֿה אונדזערע — אין קלעם פֿון ווערגשלאַנגען א'‟, בּראַד, אויסגעקליבּענע שריפֿטן.
2. ניט־גענומען. ,,די ייִנגערע טאָכטער האָט געוואַרט, מע זאָל נעמען די עלטערע, אָבּער די עלטערע איז געבּליבּן א'‟, רייד.

או'מגענו'צט — אַדי. ניט־(אויס)גענוצט. א'ע מאַטעריאַלן. ־ערהייט — אַדוו. ,,די וואַסערן פֿון ליטאַני שטראָמען א, אין ים התּיכון אַרײַן,,, טמז, 25 5□19 I.

5□6

או'מגעניאַ'ל — אַדי. זײַן א', אָבּער מיט אַ סך טאַלאַנט. ־קייט.

אומגעניגנד — אדי. דזוו אומגענוגנד ←.
,,דיזע אַנטוואָרט וואַר העכסט א'‟, אמד, דאָס גרויסע געהיימניס, ווילנע 1887.

אומגעניזוקט — [....ני'זעקט] אַדי. וואָס איז ניט צעקלאַפּט, ניט צעבּראָכן. אַרויסגעקומען פֿון צונויפֿשטויס א'.

אומגעניט — אַדי. אָפּט סובּ. היפּוך פֿון געניט. א'ע הענט. א'ער לייענער. ,,ס'איז שווער און בּיטער ווען מען איז אַן א'ער,,, שוו. ,,מיר זענין בּידי נאַך יונגי און גיניטי קינדר גיוועזין,

די וויניק אודיר ניקשׂ פֿון מו״מ [= משׂא ומתּן]
גיוואוסט״, גה, 68. „ווער אַן א'ער — איז לאָז
אַהערקומען״, מט, משלי, תּקע״ד, ט, 4. ״מיר
זײַנען א, און אומגעלערנט ווי אַזוי זיך צו
באַוואָרענען״, ימ, אונדזער שול, מעקסיקע 1948.
־ערהייט — אַדוו.
אומגעניטקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעניט. „
אייניקע הייבּאַמען דורך זייערע אומוויסנהייט און
א, געבּן איין רויע מערן אָדער ריבּנזאַפֿט„
[דעם נײַ־געבּאָרענעם], מלכּה בּערלאַנט, די
גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. „מע האָט זיי
אָפּגענאַרט מיט 'קושאַנעס', מחמת זייער א,
אין ערד קויפֿן„, בּעם ▯ .

-

אומגעניטשאַסט — די, ־ן. מצבֿ אָדער
איינציקער אַרויסווײַז פֿון זײַן אומגעניט. „די וואָס
פֿאַרפּלאָנטערן זיך (אויס א')״, מס, משלי,
תּקע״ד, לא, 8.
אומגענייגט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט▯ I 1. פּאַר אומנייגן ←. 2. ניט־
גענייגט, אומווילִיק. ״דערינט וועגן בּין איך ניט

און גינייגט גיוועזין החבֿרות, עם ר, יודא“, גה, 110.
אומגעגנייט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבֿויט.] 1. פֿאַר אומנייען ←. איבֿערגעגנייט; אַרומגעגנייט. א'ע וואָליקעס. 2.
אומגעצוואונגען, אייגנוויליק. ל2. „אַזו האָט ער לאָזן בֿרענגן דיא חיות פֿון פֿעלד און, דיא עופֿות... און, אלי קאמן און גניט„, צאינה, תּרגום שני.
„דאָס איז געווען אַ מין מצות־רשות, א', וואָס מע טוט עס מכּלומרשט אייגנוויליק, אַליין„, יחיאל לערער, מײַן הייס, וואַרשע 1938.
־ערהייט — אַדוו. „אַרויסצובֿאַקומען פֿון אים אַ בֿעקענטניסע (פֿריזנאַנע) א'„, אמד, דער שוואַרצער האַן, ווילנע 1879.
אומגעניסלעך — אַדי. נעאָל, סטוטש. וואָס מע קען ניט געניסן. א'ע פֿאַרגעניגנס. ־קייט.
אומגעניצט — אַדי. ניט־געניצט. א'ע זאַכן.
־ערהייט — אַדוו.
אומגענישטערט — אדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבֿויט.] 1. פֿאַר אומנישטערן ←. די א'ע שליסלעך. 2. ניט־גענישטערט. „די אייבֿערשטע שופֿלאָדן זײַנען געבֿליבֿן א'„.
אומגענכשלט — [...ני'כשלט] אַדי. וואָס איז אַרויס גאַנץ, אומגעשעדיקט פֿון אַ שטרויכלונג;

וואָס האָט ניט געטאָן קיין עבֿירה, ניט געקוקט
אויף פֿאַרפֿירונג, אויפֿן יצר־הרע. אַרויס א, פֿון
שווערן נסיון.

או'מגעפּאָ'רט

או'מגענע'צט — אַדי. ניט־גענעצט.
אומגעווייקט. „רבֿיעית ליטרה פֿריש אוהן גנעצטי
פּוטער“, ארחות חיים פֿיורדא 1791.

אומגע'נעצן — אוטוו. גענעץ אום, ~
געגענעצט. גענעצן כסדר, אַ לענגערע צײַט. א,
גאַנצע שעהן בײַ דער אַרבעט.
אומגעסילוקט — [...סי'לעקט] אַדי. ניט־
באַצאָלט. א'ער חובֿ. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעע'לטערט — אַדי. ניט־געעלטערט.
אויסזען א, אויפֿן פּנים ־קייט.

או'מגעע'נדיקט — אַד. ניט־געענדיקט. אַן
א'ע אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט —
פֿאַראַן דאָ בלויזן און א'ן.
אומגעענדערט — אַדי. [ווען אַקצענט ←
אומגעבֿויט.] דטשמ. [אָפֿט אין ליטרש און אין
רייד.] 1. פֿאַר אומענדערן ←. איבערגעביטן,

איבערגעאַנדערשט. א'ע פּאַסאָנען. „אויך ניט
נאָך אַ שווערע האַנטאַרבעט...[זאָל מען ניט
באַטראַכטן די האַנט־שטריכן] ווײַל דאַן ווערן א,
די שטריכן,„ איבז פֿון ר, א. מ. גאַלינו, חכמת
היד, וואַרשע 1882. 2. ניט־געביטן. בלײַבן א'.
א'ע לאַגע. “[דר, הערצלס] שטאָלצער פּנים איז
געווען א', נאָר עטלעכע ווײַסע שטרײַפֿן האָבן
זיך באַוויזן אין זײַן דיקער שוואַרצער באָרד”,
דר, ס. לאַנדאַו, פֿגעז, פּאַריז 1949, No 10־11.
־קייט.
או'מגעע'נטפֿערט — אַדי. ניט־געענטפֿערט.
א'ע פֿראַגעס, בריוו. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעעפֿנט — אַדי. ניט־געעפֿנט; ניט־
אַנטפּלעקט. לאָזן ליגן דעם א'ן בריוו. “פֿאַר דער
וועלט זײַנען זיי [די נאַטור־אוצרות] כמעט נאָך
גאַנץ א'”, ב פֿײַגענבוים איבז, בעבעל, די פֿרוי
.
און דער סאָציאַליזם, נ"י 1911. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומגעעצהט — [...איי'צעט] אַדי. וואָס איז
אָן אַן עצה פֿון אַ זײַטיקן. לויטן אייגענעם
שׂכל, א,. אַן איבערגעאײַלטער, אַן א'ער
באַשלוס.
או'מגעע'רט — אַדי. ניט־געערט. א'ע העלדן.

־קייט.

אומגעפּאַנצערט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבֿויט.] 1. פּאַר אומפּאַנצערן ←. אַרומגעפּאַנצערט. א, פֿון אַלע זײַטן. 2. ניט־געפּאַנצערט. א'ע לאַסט־אויטאָס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעפּאַסט — אַדי. ניט־אָנגעפּאַסט. אָפּנעמען פֿון שנײַדער אַן א'ן אָנצוג. ־ערהייט — אַדוו ־

אומגעסאַקט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבֿויט.] 1. פּאַר אומפּאַקן ←. איבערגעפּאַקט. סחורה, א, פֿון איין קאַסטן אין צווייטן. 2. ניט־געפּאַקט; ניט געפּיטערט איבערגוואַלד. מאָגערע א'ע אינדיקעס. 3. ניט ענג צונויפֿגעפּאַקט. אַן א'ער קאַסטן סחורה ־ערהייט — .

אַדוו ־קייט.

.

או'מגעסאָ'רט — אדי. וואָס האָט ניט צו זיך קיין פּאָר, איז ניט אַ העלפֿט פֿון אַ פּאָר. קויפֿן א'ע שיך. „די בלעטלעך זיצן פּאָרווײַז, איינס קעגן דאָס אַנדערע...און בײַם עק בלאַט־שטעל זיצט אַן א, בלעטל“, ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמייל, געוויקסן. ־קייט.

או'מגעפּו'צט — אַדי. ניט־געפּוצט; ניט־
גערייניקט. אומגעצאַצקעט. א'ע שטיוול. א,
זילבערוואַרג. א'ע, האַרבּע רייד. "[ע] זאָגט,
שטראָפֿט, לערנט, מאָראַליזירט — און דווקא
מיט א'ע פֿערזן", יג, טמז, 29 XII l963.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „...איז די
נײַע פּאָעזיע לויט מײַן השׂגה, מיט איר
דירעקטקייט, מיט איר א',...אַ דערנענטערונג צו
דער פֿאָעזיע פֿון תּנ"ך", ריב, צוק פֿעב, 1937.
,
אומגעסײַניקט — אדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבויט.] 1. פּאָר אומפּײַניקן ←. 2.
ניטגעפּײַניקט. דער איינציקער, וואָס איז אַרויס אַן
א'ער פֿון רשעס הענט ־ערהייט — אַדוו.
.
או'מגעפּי'נטלט — אַדי. וואָס איז אָן נקודות,
אָן פּינטעלעך. א'ע אותיות. „קענסטו קיין
לשונהקודש, לייען איבערזעצט אויף ייִדיש־טײַטש,
קענסטו ניט א', לייען געפּינטלט, קענסטו ניט
לייענען — קום צוהערן", הרבֿ הילל
ליכטנשטיין [אין עמוד היראה פֿון עקיבֿא יוסף

שלעזונגער, קאַשוי 1866]. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעפּלאַ'נט, ~פּלאַנירט — אַדי. וואָס מע האָט וועגן דעם פֿריִער קיין פּלאַן ניט געמאַכט. א'ע אַקציעס. „אַ פֿאַרלאַנג...צו פֿילן זיך אין דעם מאָמענט באַטייליקט אין דער א'ער דעמאָנסטראַציע“, י. זרובבל, גק, No 45. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — עס שרײַט אַרויס די צופֿעליקייט, די א'.

אומגעסלעט — אַדי. 1. דזוו אומגעפּרעסט. א'ע העמדער. 2. ניט־אויסגעקויפֿט בײַם אויסגורלען, בײַם פּלעטן אַ חפֿץ. ־קייט.

או'מגעפּלע'נטעוועט — אַדי. ניט אויסגעגליכן, ניט־געהובלט, אומגלײַך, שווער. [וועגן אָפּשטאַם ← אויספּלאַנטעווען] „אויף דעם א'ן וועג פֿון לעבן“, אמד, דער הויז לעהרער, ווילנע 1872.

או'מגעפּלע'פֿט — אַדי. ניט־געפּלעפֿט; אומדערשטוינט. אומפֿאַרחידושט. וואָס איז ניט איבעררא‏ַשט פֿון אַן אויסערגעוויינטלעכער ידיעה, פּאַסירונג, געשעעניש. א, פֿון דעם קינדס גאונות, וויסן. א, פֿון דעם פֿרײַנדס אויפֿפֿיר. ־קייט.

אומגעסענטעט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←

אומגעבויט□] 1. פּאָר אומפּענטען ←.
אַרומגעפּענטעט. ליגן א', ניט אַ ריר זיך צו טאָן מיט
אַן אבֿר. 2. ניט־געפּענטעט, לויז. אַן א, פֿערד.
לאָזן אַרומלויפֿן א,.

אומגעפּראַוועט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבֿויט.] 1. פּאַר אומפּראַווען ←.
איבערגעפּראַוועט; געפּראַוועט אַ לענגערע צײַט. א'ע
שטיק. 2. ניט־געפּראַוועט. דער א'ער סדר.
־ערהייט — אַדוו.

אומגעפּרוווט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבֿויט.] 1. פּאַר אומפּ□.וּוון ←. 2.
ניט(אויס)געפּרוּווט. ניט־געניט. א, בײַ אַ
קאָמפּליצירטער אַרבעט. אויך: ~געפּרובֿירט.
,,דאַרפֿן מיר קיינע מיטל ניט לאָזן...(
אומגעפּרובֿירט)“, אמד, דער בן יחיד, ווילנע 1875.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעפּרײַט — אַדי. מיִ. □rie□]: □. <.

אומגעבעטן. ,,אומגעפּרײַטן גאשׂט זעצט מער
[=מען] הינטער דעם אויווע'“, טענדלאַו, 895.
או'מגעסרע'סט — אַדי. ניט־געפּרעסט. א'ע

העמדער. —קייט — א, פֿון וואַסער.

אומגעפֿאַליכט — אַדי. אַרכ. —M d: un־ge

velli(). אומפֿאָלגעוודיק. אומפּאַסיק. „איין בּיז און גפֿאַליכט קינד פֿר גלײַכט זיך איינם איבּר גליד אַן דעם מענשן לײַבּ", צוכט.

אומגעפֿאַלן — אדי. 1. אַנידערגעפֿאַלן. „[זי] זיצט אויף אַ שטיק קלאָץ פֿון אַ גרויסער א'ענער סאָסנע", ממום, שלמה. 2. אומגעקומען, געפֿאַלן אַ קרבּן. די אומשולדיק א'ענע יידן. "אָט ליגט שוין אַ טאָג א'", פּמ, דור־אויס, דור־אײַן. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעפֿאַ'סט — אַדי. וואָס מע האָט ניט געפֿאַסט אין יענעם טאָג. דער א'ער תּשעה־בּאָבֿ. „פֿלעגן צו בּלײַבּן דאַן אין אילון אַ גאַנץ קליינע צאָל א'ע אום ט"ו כּסלו", אמד, די נאַכט פֿון ט"ו כּסלו, ווילנע 1893 ־ערהייט —

.

אַדוו.

או'מגעפֿאַסט — פּאָר אומפּאַסן ←. דטשמ.

אַרומגענומען; אײַנגעשלאָסן. „דער אָבּיעקט... וואָס ער ווערט א, פֿון אַ סובּיעקט", מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

□

אומגעסאַרבּט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] דזוו אומגעפֿאָרבּן. 1. פּאַר
אומפֿאַרבּן ←. איבּערגעפֿאַרבּט. "בּאַוולנע קליידער
ווערן זייער זעלטן א', ווייַל...שוין ניט ווערט
דאָס געלט וואָס דאָס איבּערפֿאַרבּן דאַרף
קאָסטן,,, ש. שפּיראָ, קליידער־פֿאַרבּערייַ,
וואַרשע 1900. 2. ניט־געפֿאַרבּט. אַן א'ע פּאָדלאָגע.
־ערהייט — אַדוו. □.קייט.

□

אומגעסאָרבּן — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] דזוו אומגעפֿאַרבּט. 1. פּאַר
אומפֿאַרבּן ←. איבּערגעפֿאָרבּן. א'ענע קליידער.
2. ניט־געפֿאַרבּן. א'ענע וואָל. ־ערהייט —
אַדוו. □ קייט.
או'מגעפֿאָ'רן — אַדי. וואָס איז ניט (אַרומ)־
געפֿאָרן. צו פֿאַרבּייַטן אומדערפֿאַרן. ,,ווייַטער
איז אַ חילוק פֿון אַן אָנגעלייענטן בּיז אַן
עם...

האַרץ, פֿון אַן א'ענעם ביז איינעם וואָס איז
קיינמאָל ניט אַרויס פֿון זײַן העק“, מוו, ייִפֿאַ, 1938,
10.
אומגעפֿאָרעמט — אַדי. 1. איבערגעפֿאָרעמט.
א'ע היטעלעך. 2. ניט־געפֿאָרעמט. א, שטיק
ליים. ־קייט.
או'מגעפֿאָ'רשט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געזוכט, ניט באַמיט זיך צו דערגיין (דעם תּוכן).
א'ע ענינים. א'ע כּתבֿ־ידן. ־ערהייט — אדוו.
־קייט.
או'מגעפֿו'טערט — אַדי. וואָס איז ניט
אונטערגעבעט מיט פֿוטער. „זײַא ווישׂן אַז זיא
לנג דאשׂ מענטלישכי גימכט האָט...זי וועלט
עשׂ גערן פֿוטרן, עשׂ איז נאָך אום גיפֿוטרט“,
פּראַגבֿ, 58. ־ערהייט — אדוו.
או'מגעפֿו'רעמט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
צוגעגעבן קיין פֿורעם. ניט־פֿאַרענדיקטע,
האַלבֿא'ע וואַקס־פֿיגורן. „מײַן א, לײַבֿ“, תּי, תּהלים,
קלט, 16. ־קייט.

-

אומגעפֿערד
או'מגעפֿי'לט — אדי. ניט־אָנגעפֿילט. „מע
גרייט צו צווייערליי פֿיש...געפֿילטע און א'ע“,

פּאָר, 13 IX 1964.

או'מגעפּלאַ'סטערט — אַדי. 1. [ווען אַקצענט ← אומגעבויט.] פּאָר אומפּלאַסטערן ←. אַ פּריש א'ע גאַס. 2. ניט־געפּלאַסטערט. אַ בלאָטיקע א'ע גאַס. "ווען איינעם האָט זיך אָנגעקלעפּט ליים אָדער ערד אין זײַן שוך, טאָר ער אים ניט אַפּרײַבן אויף א'ער ערד", לט2, ס/ב. ־קייט.

אומגעפּלויגן — אדי. פּאָר אומפּליִען ←.

אומגעפּליגלט — אַדי. מאַרק ווב. ← אומבאַפּליגלט, בב 2־3.

או'מגעפּלע'קט — אַדי. וואָס איז אָן פּלעקן; אָן אַ פּגם. א'ע פּעל. א'ער נאָמען, כאַראַקטער.

או'מגעפּע'לשט — אַדי. ניט־געפּעלשט. א'ע פּאַפּירן. "פֿון פּראָסטע א'ע, ראָזאָוואַנע ברויט מיט קרופּניק, האָט דער דאָקטער דערקלערט, קריגט מען ניט קיין מאָגן־קאַטאַר", מר I, י, נ"י 1910. „יעדער לשון וואָס מע קען איז אַ בענטשונג, אָבער דאָס קען מגולגל ווערן אין אַן אָנשיקעניש, ווײַל דאָס קען צעוואַקלען דעם א'ן שפּראַך־חוש פֿאַר אייגנס", ימ, ייִשפּ III, 2 X.

או'מגעפּע'פּערט — אַדי. ניט־געפּעפּערט. א'ע פּיש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעפֿ'ער — אַדי. ← דוווו. מער־וויי‌ניק פֿינקטלעך; בּערכדיק, אַנערכדיק, לפֿי־ערכדיק. א'ע גרייס. א'ער ענטפֿער. וואָס איז געווען די א'ע שעה?

אומגעפֿ'ער — אַדוו. ,1e)□gevae ne□ :d□M. vâre־. ,vaere־ = אָן אַן אָפּנאַר. 1. דטשמ. אַן ערך, לפֿי־ערך, מער־וויי‌ניק, אַ. א, ווען איז עס געשען? א, ווי מאַכט מען עס? א, וואָס האָט ער דערציילט? עס איז געווען א, אַזוי. „מע קען זיך א, פֿאָרשטעלן, ווי רײַך און פֿילזײַטיק איז בּיאַליק אַלס פּאָעט“, בּעמ □I. „ניט נור פֿון אונגיפֿעהר, זונדרין דורך גוטי גרונדליכה לעהר„, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ“ט. „איזט און גיפֿעהר גיוועזין אום קלאקי [= אַזייגער] צוויי...“, גה, l99. „א, אום אור פֿיר“, מאַקמאַן.

2. אַרכ. פּלוצלינג, אומגעריכט. „עשׂ קאַם אין ריק און גיפֿער אין דאשׂ שנײַדירשׂ הויז אונ, פֿראגט“, 'מעשׂה נסים, [אַווע III]. „איך שרײַבּ נור פֿר זולכי דיא אום גיפֿעהר אודר נאָך איין קרענק זײַן טויבּ גיוואָרין„, סור II, כ/בּ. „די עבֿירה קומט אומגיפֿער“, צור, צו.

3. ארכ. צופּעליק. „ווען דיר איינר בּיגעגינט און גיפֿער אויף דער גאַסין“, לט1, כב/א. „זאָל

ניט זאָגן דאָס איז אַזוי געשען א', ער זאָל
זאָגן: דאָס איז אַ חסד פֿון הקבֿ״ה“, צור,
בּחוקותי.

□ □

אומגעסערד, ־סערט — אדי & אַדוו. אַרכ.
דזוו אומגעפֿער. צום בּ1: „פּער בּ, שנים אַן
גיפֿערד האבּ איך וועלין ווידר צו איר קומן„,
שו„ת הרמ„א„, קראָקע 1640 [הש I]. „זיא העט
גיזעהן און גיפֿערט בּעת שנאבֿד התּינדק בּחצות
היום החסיד למקום רײַטן„, כּ„י וועגן מעצער
עלילת־דם', 1669 [פֿש III].

אומגעפֿער(ד)לעך

צום בּ2: „בּבֿא און גיבֿערד זײַן מאַנטיל אויף
דעקט„, בּבֿא־בּוך, 333. „קומט איינם איין זינד
אונגעפֿערד צו האנדן, שרײַבּן חכמים עז איז
דעם מענשן איין בּיזר סימן“, בּראַנט. „
בּגעגינט איינר אום גיפֿערט אונ איז אים ממית“,
משה אײַזענשטאַט איבּז, דרך הישר לאבֿן בּוחן,
[אָרט□] 1746. „אונזרי חכמים זאָגן דשׂ די
גאולה אונ איין מציאה קומן און גיפֿערט“,

עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, [אָרט? יאָר]. „זיי זײַנען אומגעפֿערט געקומען צו אַבֿרהם, ער האָט זיי ניט געזען גיין פֿון ווײַטן אַז דער סדר איז“, צור, וירא.

צום בּ3: „און גיבֿערד הון איך אין ור געשׂן, הייש אין מירשׂ ניט ור אויבּיל [= פֿאַראיבּל] הבּן„, בּבֿא־בּוך, 67. „ער [נעמן] האָט אחאבֿ דער שאסין און גפֿערד„, סהמ, מלכים א, קי/ב. „נעמן האָט גיצוגין מיט דעם בּוגין אום גיפֿערט [תּי: „גלאַט אין דער וועלט„] אונ, ער שלוג דען (מלך ישׂראל)“, סהמ, מלכים א, קו/ב. „צום הויז גזינד יעקבֿ זאָג איר אום גפֿערטי זינד„, סהמ, ישעיה, מו/א. „כּליות האבּן זיא גימאַכט ניט און גיפֿערד„, ווינץ.

אומגעפֿער(ד)לעך — אַדי. אַרכ. דזוו אומגעפֿער, אַדי. „אונ, דאשׂ איז גיוועזן אונ, גיפֿערדליך אום ה, אודר אום ו, אין דר נכט“, 'שו„ת הרמ„א', קראָקע 1640 [הש I]. אַן א'ער שלאָף = אַ גרינגער שלאָף, אַ דרעמל. „אונ, האבּ ניא גישלופֿן אין בּית המדרש, עז זײַא גוועזן איין רעכטר שלאָף אודר איין און גפֿערליכר שלאַף“, מבּ, מעשׂה מה. „דער שראקן וואַרן די געשׂט אַך זער דיא און גיפֿערליך הער קומן“, ווינץ.

או'מגעפֿע'רלעך — אַדי. וואָס איז אָן סכּנה.
אַן א'ע אַוואַנטורע. „ייִנגלעך בײַם באָדן זיך
אין טײַך פּרובירן די קראַפֿט פֿון זייערע לונגען
[און ליגן לאַנג אונטערן וואַסער]...איז אַזאַ
שפּיל ניט א',,, צש, פֿגעז, ווילנע 5 l924, No.
או'מגעפֿרוירן — אַדי, פֿאַר אומפֿרירן ←.
פֿאַרפֿרוירן אַרום און אַרום. „דער פֿראָסט האָט
שטאַרק געבּרענט, די א'ענע פֿענצטער האָבּן
אַקעגן דער זון געגלאַנצט גלײַך ווי דיאַמאַנטן“,
קמ, 40 1870, No. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעפֿרע'גט — אַדי. 1. ניט־געפֿרעגט;
וואָס איז אָן אַ שאלה. „אַפֿילו ווען ער ווער
מחלל שבּת איבּר דר רפֿואה איז דאָך איין
גרושׂי מצוה...דרום ווער...טוט איין זאַך און
גיפֿרעגט, דער איז גילויבּט“, לט1, עז/ב פֿיר
„ .
מאָל קומט פֿאָר אין דער תּורה...ווי אַזוי די
קינדער צו ענטפֿערן 'כּי ישאלך בּנך'... — און
דאָס פֿערטע מאָל א',,, קמ, 11 1866, No.
2. וואָס איז אָן דערלויבּעניש. “מיר האָבּן
ניט ליבּ אַ פֿרעמד העמד אָנצוטון א',,, יאַ,
שטערנטיכל, לײַפּציק 1861. „ער קומט אַרײַן
א, און אומגעבּעטן און בּאַזעצט זיך בּײַ מיר
אין ליווינג־רום“, טמז, 3 ▯ 1963 I. „האָט א,

גענומען מאַכן פֿון מיר אַ צייכענונג“, באַש,
פּאָר, 16 XI 1963. ־ערהייט — אַדוו. ער
רעדט גאָרניט א'.
או'מגעצאָ'לט — אַדי. אומזיסט. קריגן עפּעס
א,. אַרײַנכאַפּן זיך אין צירק א'. ,,אויף דער
וועלט קריגט מען גאָרניט א'“, די דראַמע פֿאָן
פּאַריז, [איבּז], בוקאַרעשט [יאָר ▯]. ,,די ערשטע

558

זאַך, וואָס דער טוריסט קריגט, פֿרײַ און א',
ווען ער באַטרעט דעם באָדן“, נ. זאַלאָוויץ, פּאָר,
27 ▯ II 1963. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעצאַ'מט — אַדי. לד. פּפֿ: ~
געצוימט. אויך: ~געצאָמט, אוקר. 1. וואָס
איז אָן אַ צאַם (צוים). 2. וואָס איז אָן
קאָנטראָל; הפֿקרדיק; פֿרײַ. ,,מײַן א'ע ווילדע לוסט,
לאַכט מיט א'ער פֿרייד,,, יהואָש. ,,מיט א'ן ווילן,,,
לאַפּין. ,,אויך ווען דיזע לײַדנשאַפֿט [צו געלט]
'אונגעצאָמט, איז“, ר, הילל ליכטנשטיין, עת
לעשות II, סאַטמאַר תּרל“ב. ־קייט — אַ
ווילדע א'. ,,דריקט...אויס זײַן מאַנצבילשן און
מוזיקאַלישן געראַנגל צווישן געצאַמטקייט און
א'“, יג, טמז, 29 XII 1963.

או'מגעצאַ'צקעט — אַדי. ניט־געצאַצקעט, פּשוט געמאַכט. א'ע טאָקערײַ.
או'מגעצאָ'רנט — אַדי. וואָס איז אָן צאָרן. ענטפֿערן א, אויף בײזע רייד.
או'מגעצוואָ'גן — אַדי. ניט־געצוואָגן. גיין מיט א'ענע האָר. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מגעצוואו'נגען — אַדי. 1. וואָס איז אָן דרויסנדיקן צוואַנג. פֿרײַ. „דאָס אַלגעמיינע גליק

□

קען פֿאַרזיכערט ווערן נאָר דורך פֿרײַע, א'ע אַרבּעט„, דער וואַהרער ציל פֿון אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901. „דער ייִדישער קינדערגאָרטן איז דאָך אַוודאי נאַטירלעכער, פֿרײַער, א'ער", ימ, צײַט, שאַוול 1924.

2. וואָס איז פֿון (מיטן) אייגענעם ווילן, אָן אַ בּאַפֿעל. „דרײַ לאַקייעס א, קומען צו אים צו שפּרינגען, טראָגן אים אין הויז אַרײַן", עט, לידער. „איך וויל לעבּן אין די פֿרײַע, א'ע נאַטור! □, יהל, די קאָלאָניסטן, וואַרשע 1899.

3. וואָס איז אָן אינעווייניקסטן צוואַנג (אָן סיסטעם, פּלאַן). „קריטישע אַרטיקלען...שטעלן מער צופֿרידן...ווי די לײַכטע, א'ע, האַלבּ־אימפּראָוויזירטע 'ליטעראַרישע געשפּרעכן'", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.

־ערהייט — אַדוו. טאָן עפּעס א'.

אומגעצוואונגענקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעצוואונגען. „יענע מיני דאַמען וואָס אין זייער געזעלשאַפֿט בּאַנעמען זיך אַפֿילו די גאַנץ ווײלע מיט עפּעס אַ געצוואונגענער א'“, ממוס, קליאַטשע. „בּײַ שלום־עליכמען...די געמיטלעכקייט און א, פֿון טאָן, אין וועלכן ער דערציילט זײַנע מעשׂיות“, שנ, דערציילערם און ראָמאַניסטן I.

או'מגעצוי'גן — אַדי. דזוו אומדערצויגן; אומאַנטוויקלט. „דיא אויף ישובֿים אונ, אויף דערפֿר זײַן...און גיצויגן אלשׂ דיא ווילדי“, צוכט. ״ער האָט אַזו איין ארנגיצאָגן קינד“, בּראַנט. „דען אַזוי איינה קען דיר דיא עטליכה קינדר בּעשׂר שטראָפֿן אונ ציהן, מער אַז איין יונג אום גיצוגן ווײַבּ העט גלײַך אויף איין מאָל צעהן“, עיון, יח/א. „אַזוי לאַנג ווי ייִדן האָבּן זיך ניט געבּילדעט, האָט מען מיט זיי געהאַט צו טון, אַז זיי זײַנען א'“, ייִפֿאָל, 1881 X 15.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעצוימט — אַדי. דזוו אומגעצאַמט ←.
„ווען דער א'ער ווילד־צעלאָזטער הישפּאַנער זאָל אַפֿילו גאָר דעם חשבּון ניט האָבּן“, קלמן

-

אומגעציפּער

סוביל איבז, דעך דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894. „אין דעם הפקר פֿון דעם א'ן נײַעם לעבן„, לע, יאָרבוך פֿון ביכערראַט, 1962. „אַן א'ע שטורמישע נאַטור„, דוד פֿלינקער, טמז, 14 XII 1962.
־קייט — אַ ווילדע א'. „אַרײַן אין דעם רויש און געפּילדער, דעם געפּעכט און א, פֿון דעם טאָגטעגלעכן לעבן„, ש. מאַרגאָשעס, טאָג, 1963 8 I.
אומגעצײַטיקט — אַדי. דזוו אומצײַטיק ←.
„ווײַן וואָס מע מאַכט פֿון א'ע טרויבן — מאַכט מען [אויף דעם די ברכה] שהכל“, מקור הברכה, מונקאַטש תרנ“ה, ט/ב.
או'מגעציי'לט — אַדי. 1. ניט־איבערגעציילט.
„אין א, געלט ליגט מזל־ברכה“, שוו [לויט קה האָבן מזיקים אַ שליטה אויף א, געלט]. „אזוא זאָל ער עש [דעם פקדון] אומ גצילט ניט אַן נעמן“, עח, יז, 3. „איך מעג איבערלאָזן א, געלט, וועט מיר ניט געגנבֿעט ווערן ניט אַ

קאָפּיקע,,, יאַ, שטערנטיכל, לײַפּציק 1861. ,,אויבֿ [חוזק] איז דאָ, גייט אַפֿילו א, געלט לאיבוד,,, פּרץ, 'חוזק'.

*מע קען פֿאַר אים לייגן (אים געבֿן) א, געלט = ער איז זייער ערלעך. ,,פֿאַר ר, גבֿריאלן, ווייסט דאָך אַליין, אַז מע מעג א'ע רענדלעך אַנידערלייגן,,, עט, סערקעלע. *בײַ אים איז געלט א, = ער לעבֿט אָן אַ חשבון, פֿאַרלעבֿט מער וויפֿל ער פֿאַרדינט.

2. וואָס מע קען ניט (עס איז שווער) איבֿערציילן; זייער אַ סך. ,,עס באַווײַזן זיך א'ע שטערנס אויפֿן הימל“. ,,שפּיזלען פֿון א'ע זונען האָבֿן...געשטאָכן די הויטן פֿון דעם תּוהו“, יהואָש, ,דאָס אויג'. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעציימט — אַדי. אָרכ. דזוו אומגעצאַמט. ,,קיינר זיך אונטר שטיין זאָלי...איין קונה בשוק הן יהודים או אינו יהודים און גיצימטי און אַן היפֿליכ, וואָרטן צו געבֿן,,, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ,,ז [ייִבֿל I].

אומגעצײַמלט — אַדי. סטוטש. וואָס האָט ניט אויף זיך קיין צײַמל. אַן א, לאָשיקל.

אומגעצילט — אַדי. ניט־געצילט. ,,ווען דאָס גליק שפּילט — דער טרעפֿט אַפֿילו א',,, שוו. ־ערהייט — אַדי.

אומגעצימענר — אַדי. אַרכ. ניט־אָנשטענדיק,
וואָס איז אָן אַ צוריקהאַלטן זיך. „ווײַלין...דיא
סרוויר זיך ביז דאַטא אום גצימנד אויף
גפֿירט...„„ 'פֿראָגער תּקנות קעגן לוקסוס',
תּקכ„ז [ייִבל I].

-

אומגעציסער — דאָס (ווי אַ זאַמלנאָמען, אָן
מצ), די (מיטן ב2). < פֿרידײַטש [▯▯▯M
e▯ibe▯nge▯ו.] 1. כּלערליי מינים שעדלעכע
אינזעקטן. אומפֿלייט; טוו פֿאַר 'כּנים'. „און עס
זאָל ווערן א, אין גאַנצן לאַנד מצרים“, תּי,
שמות, ח, 12. 2. ▯פּעצ. לײַז, פֿליי. „מעשׂה
בּחסיד אחד דער זיך גרושׂי סיגופֿים אַן גיטאן,
אַן זומר האָט ער זיך גיליגט צווישן פֿליא און,
און גציבֿר אויף דער ערד“, ▯ה II, כז/ב.
„אַלע אַנדערע טיפֿוסן ווערן איבערגעטראָגן דורך
א'“, דר, גרשון לעווין, פֿגעז, ווילנע l931,
No 19. „אין די קעפּ פֿון די מיידן האָט זיך
געהאַט באַזעצט א,“, באַש, פֿאָר, 1957 ▯ l9.

אומגעצירט

אומגעצירט — אַדי. וואָס איז מיטן
נאַטירלעכן אויסזען; ניט־באַפּוצט. זײַן שיין אויך א'.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגעצירקלט — אַדי, פּאַר אומצירקלען ←.
אַרומגעצירקלט, אַרומגעקרײַזט. „איין
קאָשׂטליכר אידל גישטיין...אום גיצירקלט מיט איין
צירקיל מײַנשׂטרליך ווערק“, יוסיפֿון, אַמשט
1743. [אין אַ פֿריִערדיקער אויסגאַבע, אַמשט
1661 — אומצירקלט אַנשטאָט א'.] ־ערהייט
— אַדוו.
אומגעצערטלט — אַדי. ניט־געצערטלט. אַן
א, קינד.
או'מגעקאָ'כט — אַדי. ניט־געקאָכט. „בלײַבט
און גיקאכט דיא שפּײַז„, צוכט. „מאכלים וואָס
מע קען זיי עסן ווי זיי זײַנען, א'“, לדבֿ, 159.
„חוץ די געקאָכטע שפּײַזן, מוז מען זען צו
געבן דעם קינד א'ע אויך„, פֿגעז, ווילנע 1925,
No 8. ־ערהייט — אַדוו. „פֿאַראַן מאכלים
אַזעלכע וואָס...א, זײַנען זיי אַ דבֿר־המזיק„,
לדבֿ, 159.
אומגעקאַמט — אַדי. ניט־געקאַמט. אַרומגיין
מיט א'ע האָר. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעקאָנטשעט — אַדי. סל. ניט־
פֿאַרענדיקט. „געוואַלד, וואַרפֿט אַוועק אײַער אַרבעט

א"", ייִל, דער סטאַטיק, אַדעס 1876.
או'מגעקווע'טשט — אַדי. 1. ניט־געקוועטשט, ניט־געדריקט. א'ע פֿײַגן. 2. אומבּאַטאָנט. „דאָ איז u, דאָס צווייטע, א'ע (אומבּאַטאָנטע) גליד פֿון דיפֿטאָנג...„ נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 1. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

א□'מ□עקוי'פֿט — אַדי. מ□ִי, אַרכ — ~ נעקאַפּט. „דאָס בּוך ליגט א, און פֿאַרשטייט זיך אומגעלייענט„ רייד. „מענכר טוט זיך אָפֿט צו איינם קאַף מאַן מאַכין, נאָר דײַן סחורה צו פֿר זוכין,...דא זאָגט ער דען מיט שפּוט, וויא זי אים ניט גיפֿעל,...דאז ער און גיקאַפֿט דר פֿון גיט„ צוכט.

אומגעקומען — אַדי, □אַר אומקומען ←.
„אויף אָנצושרײַבּן אַ צעטל פֿון פֿאַרסריבּענע, פֿאַרוואָגלטע, געשלאָגענע, געפּאַטשטע, געמאַטערטע, א'ע — דערויף, נישקשה, זײַנען זיי בּריות„ ממוס, קליאַטשע.
אומגעקינסטלט — דזוו אומגעקינצלט. ־קייט — „זיי האָבּן אַנטציקט די א, פֿון זײַן קינר הייט„ י. בּאָושאָווער, גש, נ"י 1911.
או'מגעקי'נצלט — אַדי. ניט־געקינצלט, פּשוט. „אָ ערד! איז דאָס דײַן...א'ע האַלטונג און דײַן

אומענדלעך גרויסע געדולד“, מר I, נ„י 1908.
„די שפּראַך [בײַ מענדעלען] איז נאָר אין גײַסט און געשמאַק פֿון פֿאָלק, אָבער זי איז ניט די איינפֿאַכע, פּראָסטע א'ע פֿאָלקשפּראַך„, שנ, וועגן יודישע שרײַבער I. „ביק פֿאָדערט אַ פּשוטן, א'ן סטיל אָן פֿליטערלעך“, ש. ווערסעס, ייִבל 7 ,XIII־8 ־קייט.

.

אומגעקירצט — אדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פֿאָר אומקירצן ←. 2. ניט־געקירצט. א'ער ווערטערבוך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעקלאַמערט — אַדי, פֿאַר אומקלאַמערן

55

←. אַרומגעקלאַמערט, אַרומגענומען מיט קלאַמערן. „די תּקופֿה אונדזערע אין קלעם פֿון ווערגשלאַנג א'„, בראָד, אויסגעקליבענע שריפֿטן.

או'מגעקלאָ'רט — אַדי. וואָס איז ניט (געמאַכט) געוואָרן קלאָר, בולט. „אָפּט ברויזן האַרץ־געפֿילן, צעברויזטע, א'“, לאַפֿין פֿולער

—

קרוג. ־קייט.
או'מגעקליי'גלט — אַדי. דירעקט, פּשוט;
ניט־איבּערגעשפּיצט. א'ע רייד. ־קייט.
או'מגעקלע'רט — אַדי. 1. אומגעטראַכט.
אָפּענטפֿערן א'. 2. אומגעריכט. „גאָר
אומגעטראַכט, א', איז זי אויפֿגעריכט געוואָרן“, ג. ח.
לעוונער, אַ חתן אָן אַ בּאָרד, ווילנע 1901.
־ערהייט — אַדוו. „די שרײַבּערס פֿון דער
וועלט האָבּן אין זייער מערהייט אַרויסגעשטעלט
דעם ייִד אין אַן אומגינציקער ליכט א'“, לע,
טמז, 5 1964 I.
אומגעקנאָטן — אַדי. 1. פּאַר אומקנעטן ←.
2. ניט־געקנאָטן. א, טייג. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעקנייטשט — אַדי. 1. פּאַר אומקנייטשן
←. 2. ניט־געקנייטשט. א'ע פּאַפּירן. א'ע הויט.
אומגעקעכטס — דאָס, ־ן (־ער?). שלעכט,
אומגעראָטן, אומבּאַטעמט געקעכטס. גיס אויס
דאָס א'! אַזאַ א, איז נאָר פֿאַר הינט.
או'מגעקע▯מט — אַדי. ניט־געקעמט. „אַ
קאַצאַפּניע מיט אַ רויטער נאָז מיט אַן א'ן קאָפּ“,
אבּג, דער יוד אין קיִעבֿ [הש I]. „דערוואַקסענע
קינדער גייען נאָך אַרום אומגעוואַשן און א',„
יהל, די אומבּאַקאַנטע פֿאַרליבּטע, וואַרשע 1901.
־ערהייט — אָדוו.

או'מגעקערט — אַדי. 1. פֿאַרקערט; וואָס
איז אַ היפּוך. „דא האָט דוד אום גקירט גיבּעטן
אונ, האָט חרטה גיהט אויף דען שוגג“, סהמ,
(לובּלין, שפ״ו), תּהלים, ז, 1. „מכּל שכּן דוא
ישׂראל דוא העשׂט איין גוטן שׂכר וועז דוא
פֿרום ווערשׂט, אונ אַדרבּה זיא טואן אום
ג׳,
קערט“, סהמ, ירמיה, נו/א. „[מע דאַרף ניט
זאָגן: דורך אָפּהיטן] די מצווה וועסטו פֿאַרדינען
אַ חלק עולם־הבּא, אָבער א, — ווען מע
פֿאַרזיכערט אים אויף געוויס אַז ער האָט
עולמהבּא [וועט ער לויפֿן טאָן די מצווה]„, ח״וי
אָבֿות. „אַדרבּה, א', דעם גרעסטן כּבֿוד דאַרפֿן
זיי אָפּגעבּן [דעם פֿרומען]“, פּלאי, המדבר
בּצדקה, וואַרשע תּרנ„ב. „אָבּער אין אויסטראַליע
און דרום־אַמעריקע...איז אַקוראַט א': וואָס
נענטער צו צפֿון איז וואַרעמער און וואָס נענטער
צו דרום איז קעלטער“, מ. וועבּער, דער
יודישער פֿעלדאַרבּייטער, וואַרשע 1891.
א'ע ט ע אָ ר י ע = ווען מע נעמט אָן ווי
אמת דעם נעגאַטיוון זאַץ אַנשטאָט דעם
פּאָזיטיוון, דעם אויספֿיר אַנשטאָט דער הנחה אע.
א'ע ט ע אָ ר ע ם = ווען דער נעגאַטיווער זאַץ
פֿירט צום נעגאַטיוון אויספֿיר און עס איז

פּאַראַלעל צו דער לכתּחילהדיקער טעאָרעם.
„ניט אַלע א'ע טעאָרעמען זײַנען ריכטיק“.
א'ע פֿ ו נ ק צ י ע = ווען אַנשטאָט (□) □=□ כ
איז (□כ) □=□). א'ע פֿ אַ ר ה ע ל ט ע נ י ש =
ווען אַנשטאָט a:b איז a :b. א'ע פּ ר אָ פּ אָ ר־
צ י ע. „אַלע קערפּער ציִען זיך איינס צו דאָס
אַנדערע מיט אַ קראַפֿט וועלכע איז
פּראָפּאָרציאָנעל זייערע מאַסן און א, פּראָפּאָרציאָנעל

או'מגעראַ'טעוועט

זייערע שטרעקן“, גוטנ. „[ער] ווערט מיר
נעענטער אין דער א'ער פּראָפּאָרציע פֿון זײַן
פּאָפּולאַריטעט“, קאָר I.

2. איבערגעקערט, איבערגעדרייט (פֿון אויבן
ווערט דער אונטן, פֿון אינעווייניק — דאָס
דרויסנדיקע). “א, — לאָזסט אייל אַרויס“,
טענדלאַו, 176 = ווען דו דרייסט אום די כּלי,
רינט אויס די פֿליסיקייט [וועגן עמעצן וואָס
זאָגט אַלץ פֿאַרקערט, איז אַן איפּכא־
מסתּבֿראניק, אַ משה קאַפּויער]. “ער מוז אַנדרשט טאָן
אַן דר וואוכן, ער זאָל דאז שטרויא טראָגן אויף
איינר אום גיקערטי מולטר אודר אויף איין אום
גיקערטי צובר„, לט1, עג/א. „ברויך נזהר צו

זײַן דאָס די רצועות זאָלן ניט ווערן א,, נאָר
תּמיד זײַן מיט דער שוואַרצער זײַט פֿון
אויסנווייניק", הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם,
אונגוואַר 1864. ,,די שפּיגלען, די פּאָרטרעטן זײַנען
א', און ער אַליין זיצט אָן שיך אויף דער ערד
שבֿעה", אמד, עוזר צינקעס און די ציג,
ווילנע 1868.

3. אויסגעדרייט צוריקצו; אין דער
פֿאַרקערטער ריכטונג. ,,זיי גייען א', מיט דעם פּנים
אַהינטער, ניט צו זען פֿאַר זיך דעם וועג,,,,
ממוס, שלמה. ,,א, הייסט אויך געפֿאָרן", שוו.

4. וואָס קערט זיך אום און דערנענטערט זיך
צום אויסגאַנגפּונקט. גיין א'. א'ע אימיטאַציע,
מוזט. ־ערהייט — אַדוו. בּבּ 2, 3. ־קייט.

או'מגעקע'רט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
או'מגעבּויט.] ניט־געקערט. לאָזן די ווינקלען א,.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעקרוי'נט — אַדי. ניט־געקרוינט. ,,זאָל
פֿעלשן אַ פֿעלשונג אין די גראָע און פֿינצטערע
אויגן פֿון דער א'ער קעניגין, איר מאַיעסטעט
דער סבֿיבֿה", שנ, וועגן יודישע שרײַבער II.
,,ייִדישע פֿירערס, געקרוינטע,
זעלבּסטגעקרוינסע און א'ע", יג, איק, 18 1964 IX. ־
ערהייט

— אַדוו.
או'מגעקרי'מט — אַדי. ניט־געקרימט; גלײַך.
א'ע ליניע. א'ער כאַראַקטער. ־קייט.
אומגעראַזירט — אַדי. אומגעגאָלט. אַ
שטעכיקע, א'ע מאָרדע. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומגעראָט — דאָס (דער), ־ן. דזוו
אומגערעטעניש. געווען אַן א, פֿאַראַיאָרן.
או'מגעראָ'טן — אַדי. ניט־געראָטן. אָפּט סובֿ.
דער זון איז עפּעס אַן א'ענער. א'ענער זיווג.
,,טײלן פֿון מײַן אייגענעם לעבן,. ⸗.פֿון מײַן
א'ענעם שיקזאַל", מר I, נ,,י 1908. ,,זײַנען אַלע
פּ⸗רוּון...א'ענע", קאָר II. ,,עס איז אַן אומרעכט
זיך צו שפּילן מיט די געפֿילן...און מיט זיי
מטהר זײַן עפּעס וואָס איז א'", ימ, ייִשפּ, XIX, 3.
אומגעראָטנקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומגעראָטן, ניט־אײַנגעגעבן. 2. דאָס וואָס מע קען
ניט ראָטן צו טאָן. ,,ער וועלט גערן זײַן
יצרהרע נאָך גין, ער העט גערן זײַן וואוללושט צו
עסן, צו טרינקן, צי אַל און גיראָטן קייט",
לט1, צג/א.
או'מגעראַ'טעוועט — אַדי. "אויף איין
געראַטעוועטן — טויזנט א'ע".

אומגעראַטעוועטקייט — די (דאָס), ־ן.
אויך: סכּנותדיקע סיטואַציע, וואָס ס'איז פֿון
איר ניטאָ קיין רעטונג. „האָבן דערמיט ממילא
פֿאַרמשפּט צו א אַ היפּש ביסל אַנדערע„, ש.
,

ביקל.
אומגעראָכן — אַדי. אַרכ. געבליבן אָן נקמה,
'ראַכע'. „און, דשׂ דו ניט ווערשׂט אונגירוכן
לאָזן מײַן טוט“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „אַך ר,
שלום חזן אין פֿייאר טאָן קאָכן; רבונו של
עולמים, לאָז ניט אַן גיראכן“, ,קינות אויף
כמעלניצקיס גזירות'.
אומגעראַמט — אַדי. פּפֿ: ~געראָמט,
~גערוימט. 1. ניט־אויפֿגעראַמט. 2.
אומגערעמט ←. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגערויש — דער, ־ן. נעאָל. היפּוך פֿון
גערויש. „אַ ווערעמל...ווי ער וואָלט זײַן דעם
שווײַגנס אַ באַגרינדער, ווי ער וואָלט זײַן דער
א, פֿון זיך“, סוצ, ייִדישע גאַס.
אומגערונצלט — אַדי. ניט־גערונצלט, וואָס

איז אָן קנייטשן. אַן א'ער שטערן. ־קייט.
אומג(ע)רוס — דער, ־ן. שלעכטער גרוס.
קריגן אַן א, פֿון דער היים.
אומג(ע)רועט — אַדי. אַרכ. ־n￼ו ￼n￼d￼M
￼et￼uo￼ge. אומרואיק; צערודערט, צעטומלט.
,,זיי שלויפֿן גאַר אום גירואט'', ר, דוד טעבֿיל
בּר, יעקבֿ אַשכּנזי, בּית דוד, ווילמרשדאָרף 1734.
,,גאָט...איין שטאָרם ווינד הט גבּראַכט אין
אונזר לנד, דאַרום האַלטן זי [די שׂונאי￼I עשׂ
פֿר איין צייכן אום גרואט איבּר אונשׂ צו קומן,,
[= אָנצופֿאַלן אויף אונדז, ווען מיר זײַנען
צערודערט], יוסיפֿון פֿיורדא 1764, עז/ב.
,

-

אומגערוסן — אַדי. ,,דער טויט קומט א'``;
,,עס קומט א, דער סוף כּל הגופֿן,,, שוו. ,,עשׂ
איז איין גישריבּן אין בּוך דשׂ מלך, ווער דא
קומט צו דעם מלך און גירופֿן דעם זאָל מן
טיטן'', צאינה, אסתּר. ,,א'ענע געסט,,, אמד, ר,
שמאַיע דער גוט יום טובֿ בּיטער, וואַרשע 1860.

,,א, האָט קיינער ניט געטאָרט קומען“, פּרץ,
חסידיש. ,,אומגעבעטן, א, — קומט אײַנדרוק
נאָך אײַנדרוק, בילד נאָך בילד,,, קאָר III.
־ערהייט — אַדוו.
אומגערוקט — אַדי, פּאָר אומרוקן ←.
איבערגערוקט. דאָס א'ע מעבל. ־ערהייס —
אַדוו.
אומגערטלען — טרוו. אַרכ. דזוו אומגאַרטלען
←. סהמ פֿאַדטײַטשט 'תּחגור, (תּהלים, עו, 11):
,,אום גערטלן און, אום וװינדן,, [תּי: ,,
אײַנצאַמען“].
אומגעריבן — אַדי. [װעגן אַקצענט ←
אומגעבויט.] 1. פּאַר אומרײַבן ←. אַרומרײַבן;
אַרומשײַערן. א'ענע װענט. 2. ניט־געריבן.
א'ענע קאַרטאָפֿל. א'ענע װעש ־ערהייט —

.

אדוו. ־קייט.
אומגעריטן — אַדי. [װעגן אַקצענט ←
אומגעבויט] 1. פּאַר אומרײַטן ←. אַרומגעריטן.
2. ניט־געריטן; װאָס מע האָט אויף דעם ניט
נעריטן. א'ענע פֿערד.
או'מגעריי'טלט — אַדי. װאָס איז אָן אַ
סימן פֿון רויט װערן, פֿון פֿאָרשעמען זיך. א,
האַקן ליגנס. קייט.

אומגערײמט — אַדי. אַרכ. 1. וואָס איז אָן
גראַמען. „אויז דיזם גידיכט צו זעהן...עשׂ זוא
גאַנץ אונגישיקט אונ, אונגירײמט גימאַכט איז“,
אליהו בּר, ליזר קוטנים, [איבּז], תּלמיד צחקן
מוסרי, אַמשמ 1692. 2. דטשמ. דזוו
אומגעשיקט, בּ1. “ווי א, (אומשיקלעך, ניעזגראַבּנע)
זײַנען פֿאַרפֿאַסט די תּחינות“, אמד, דער שבֿעיט
מאָלצײַט, ווילנע 1877.
או'מגערײ'ניקט — אַדי. ניט־גערײניקט.
„בּאַנוצן זיי זיך מיט שטיקלעך שמוציקן טוך,
מיט א'ע וואַטע (בּפֿרט די טעקסטיל־
אַרבּעטערינס)“, פֿגעז, פּאַריז 2 1950, No־3. ־ערהייט
— אַדוו.
אומגערײשט — אַדי. ניט־גערײשט,
ניטגעפּרעגלט. א, פֿלײש = געקאָכט פֿלײש. „בּײַם
הויז האָט [זי] שוין דערשמעקט דעם ריח פֿון
...
פֿרישע א'ע קאַרטאָפֿל“, אָפּאַ, אַליין.
אומגעריכט — אַדי & אַדוו. ־ו n־ge־ ו Mhd
ו 1 . il. פֿלוצעמדיק; פּלוצעם, פּלוצלינג. א'ע
געשרייען, שיסערײַ. א, עפּעס דערזען, דערהערן

אאזוו. זיך טרעפֿן, פּאַסירן א'. „ס'גוטע קומט א'“, שוו. “איבער דעם וועט זײַן מפּלה אום גערעכט [לויט פּאָד אַרויסרייד] אָנקומען, פּלוצים וועט ער צעבראָכן ווערן„, מס, משלי, תקע“ד, ו, 15.

2. אומדערוואַרט. אַן א'ער גאַסט, אורח. „איך האָב מיך געפֿרייט...גאָר א, פֿון דיר אַ בריוול צו דערהאַלטן“, יפּ. „געכאַפּט גאָר א, אַ זעץ“, ממוס, ספֿר הבהמות. „וואָס שווײַגסטו? — רופֿט זיך אָן דער רבי צו מיר מיט אַן א'ן פּאַטש“, שע, מע□)יות פֿאַר ייִדישע קינדער I. „ווען מע ליקווידירט אים נישט פּונקט אַזוי א, ווי אומגערעכט“, דטש, ווילנע. *דאָס רעדל טוט זיך א, אַ דריי = דער מזל בײַט זיך א,.

3. ניט־צוגעגרייט. „דער יום־המות טוט זיך ניט פֿאַרזאַמען און א, טוט ער קומען„, ישרי לבֿ, ווילנע 1867, ט/א. „גאָר א, איז ער געשטאַנען אויפֿן מאַרק...מיט אַ טישל סחורה„, ווײַס, 'דער אָרעמער יונג,.

4. צופֿעליק, וואָס איז אָן אַ כּיוון (כּוונה). „אָנרייצן דעם יצר־טובֿ, ער זאָל פֿאַרטרײַבן דעם דאָזיקן א'ן אַדוואָקאַט„, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „האָט פּלוצלינג און א, אַ פֿראַגע... דעם יונגנמאַנס געדאַנקען איבערגעריסן“, ווײַס,

,איינער אַ מענטש'. ,,איך האָב געלאָזט אַ קערן
פֿאַלן א', און ערגעץ שפּראָצט ער אין דער
טיפֿעניש,,, יהואָש, 'דער קרײַז'. ,,זעצסט אויס
אַ שויב — א, פֿאַרשטייט זיך“, בערג, בײַם

,

דניעפּער I.

5. בליציק, וואָס קען איבעררײַשן מיט
נײַקייט. אַן א, חכמהלע. ,,עס טרעפֿן זיך בײַ אים
אָפּט נײַע פֿרישע און א'ע בײַווערטער“, שנ,

,

ייִד, שרײַבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אומגעריכטלעך — אדי. ▫אָס איז ניט לויטן
(מחוצן) געריכט. א'ע באַשטראָפֿונג.
אומגעריכטערהייט — אַדוו. ← אומגעריכט.
קומען (באַגעגענען) א'. “א, האָט דער פֿירער
פֿון גוט אַליין דערשאָסן זײַן געליבטן כלבֿ,,,
לדב, 165. “נאָר פּלוצלינג גאָר א, איז ער
אויפֿגעריכט געוואָרן“, ש. בעקערמאַן, ▫ער
זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887. ,,די מלחמה איז

אומגערן

ניט געקומען א'“, די גאַרבעך שטימע, מאָסקווע
2 1924, No־3. “—־. אָ סאַראַ געסט! גאָר א'!,,,

בר כּוכבֿא, דער פֿוטער, ווילנע 1894.

אומגעריכטקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעריכט. „איז די מדינה אויפֿגעגאַנגען איבער אונדז און איבער דער וועלט ווי אַ גרויסע א',
ווי אַ היסטאָרישע איבערראַשונג", צײַט, טמז,
1963 ▯ I 19. "שטעקט דערין ניט נאָר אַן א',
אַן איבערגעטריבנקייט, נאָר מסתּמא אויך
אומפּאַסיקייט", מוו, ייִפֿאַ, 2 ,1939. "אַ שײַכות...
צו קאָסמישער א'", לל, איק, ראָש־השנה תּשכ"ד.

אומגערינגלט — אַדי. אַרכ. אַרומגערינגלט.
„דען דער (יצר־הרע) מאַכט זיך ניט בלד אַן
איינם דר מיט מצוות אום גרינגלט איז", לט1,
כא/א.

אומג(ע)ריסטיקייט — די. מצ נבֿ. אַרכ.
אומגרייטקייט, אומצוגעגרייטקייט. „דאָו בין
איך ווידר אום אין און גרישׂטיקייט דאשׂ מיין
קורומפּירט קאָנסעפּט...", מאַרשן, לשון זהבֿ,
אַמשט תצ"ד. [דעם אַדי אומג(ע)ריסטיק = אומ▯
גרייט, ניט־צוגעגרייט נבֿ.]

אומגעריק — אַדי. וואָס ווערט געטאָן אָן
ווילן אָדער קעגן ווילן. אומבאַגעריק, אומגײַציק.
א'ע מעשׂים. ־יקייט — אַרויסווײַזן אַ
בפֿירושע א., א, שוואַכט אָפּ די ענערגיע.

או'מגערי'רט — אַדי. 1. וואָס איז ניט (אָנ)־
גערירט. א'ער באָדן. דער שניי אויף די פֿעלדער
ליגט א'. ,,די טיפֿערע שיכטן [קרקע] אָבער
זײַנען געבלי□ן א',,, ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צום
טיש, קיִעוו 1928.
2. ניט־געשענדט; ניט פֿאַראומרייניקט. א'ע
יונגפֿרוי. א'ער אידעאַליזם.
3. ניט־דורכגענומען. ניט־באַווירקט. ,,עס
פֿלעגט זיך פֿאַר זיי גיסן בלוט ווי וואַסער...און
זיי פֿלעגן בלײַבן דערבײַ גאַנץ א'", אמד, טויט
שרעקענעס בײַ דעם ערשטן סדר, [קעניגסבערג?
יאָר?]. "זיי זענען געבליבן א, פֿון זײַן לאָגיק,
פֿון זײַנע אַרגומענטן", אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי...,
ל אַ 1957.

,,
4. [פֿאַר ,אומרירן,, אַקצענט נאָר אויף או'מ□].
געטרייסלט, געשאָקלט, געמישט אַהין און אַהער.
,,שמעלץ דאז אַלז [= אַלץ] צו זאַמין וואול אום
גרירט,,, סור II, כו/ב. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומגערן — אַדי. 1. M□d□ un—g□□n. אָן
אָנטייל פֿון ווילן; אינסטינקטיוו. א, אויפֿהייבן
אַ האַנט. א אַ צאַפּל טאָן מיט אַן אבֿר. "אַז זי

,

דערזעט זיי, גיט איר גאַנצער קערפּער אַ ציטער און א, דערמאַנט זי זיך“, וויַכו, 'קריינדעלע'.

2. ניט־בכּיוון, אָן אַ מיין. א, עפּעס טאָו. „דורכגייענדיק נעבן שפּיגל, האָב איך ווי א, אַ קוק געטאָן אויף זיך און בין זיך דווקא געפֿעלן„, ממוס, ,בּישיבֿה של מטה“.

3. על־פּי טעות, בּשוגג. “טוט ער איין מלאָכה בּשוגג, דאז מיינט דז ערשׂ און גערן טוט, עשׂ זייא ער האָט פֿאַרגעסין דאשׂ שבּת איז“, לט1, עד/א. „שוגגים דשׂ זי טואן איין זאַך אום גערן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „די תּורה שרײַבּט בּײַ איינעם וואָס ער הרגעט אַ מענטשן א, — איז ער ניט חייבֿ קיין מיתה„,

אומגערנדיק

חה, 16. “די וואָס זינדיקן א, לערן איך זייווידערקערן זיך צו טאָן השם־יתבּרך זײַן ווילן“, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832.

4. ניט מיט חשק אָדער קעגן ווילן. „אבּר ער איז גיבּליבּן בֿור לורן..., זאָ נימט זיא מקבּרון, אבּו גאַר און גערן“, בּבא־בּוך, 299.

„ער האָט אים און גערן איין טרונק גיבּוטן„,
ספּר משלים פּפּדמ 1686. „(ועל כּולם נודע
,
בּפּינו על כּרחינו)...מיר ווערן מוזן מודה זײַן
אויף אַלעם א'“, ישרי לבֿ, ווילנע 1867, ל/א.
סובֿ — דער, ־ס. „און זאָלסט מיך מציל
זײַן פֿון א', איך זאָל מיך חס־ושלום ניט טועה
זײַן אין דער תּורה“, נײַע שט תּחינה,
פּיעטריקאָוו 1881 פֿון א'ס סויזנסער שסײַגט מײַן
. „
קלאָרער אומיסטן„, האָפּ, אין טאָוול פֿון ווענט.
אומגערנדיק — אַדי. וואָס איז אומגערן,
קעגן אייגענעם ווילן; ניט־איבּערגעגעבּן. „די
א'ע טרעפֿענונג“, איסטאָריע. „אַזאַ א'ע מאַמע
האָט ניט פֿאַרן קינד דעם גאַנצן אויפֿמערק„,
מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־יקייט.
אומגערנוויליק — אַדי. אומוויליק; וואָס איז
בּמעט ווי קעגן ווילן. ־יקייט.
אומגערעדט — אַדי. וואָס מע רעדט ניט
אַרויס. וואָס מע רעדט ניט צו דעם. „אירע א'ע
רייד, אַפּילו אירע ניט־געטראַכטע געדאַנקען“,
בּ. ריווקין, אונדזערע פּראַזאַאיקער. „איך האבּ
אַך צו זאָגן על חסא — איין שעה לאשׂט מיך
און גירעט...“, ספּר משלים, פּפּדמ 1686.

—ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגערעדלט — אַדי. ניט־גערעדלט. אַן א'ע מצה איז חמצדיק.
אומגערע'ט — דאָס (דער), ־ן. דזוו אומגערעטעניש. אוקר.
או'מגערע'טעניש — דאָס (די), ־ן. שלעכטע, קנאַפּע גערעטעניש. „בײַ מיר איז קיין א, ניטא„, ספּ, סודות פֿלעקסיפֿוס האָט אַלעמאָל
„ .
באַגלייט אַלע גרעסערע...אויפֿטרייסלונגען, ווי מלחמה...א, און הוננער„, פֿון אַ בראָשור וועגן פֿלעקטיפֿוס.
אומגערעכט — אַדי. [פּר, מעג ־ראַכט]. ניט־גערעכט, אומיושרדיק, מאָראַליש ניט־ריכטיק. אינגאַנצן (גראָב, אויף אַלע הונדערט פּראָצענט) א'. „עס איז ביטער און שלעכט, ווען דער רבים איז א'„, שוו. „דו דאַרפֿסט ניט איבערטראַכטן אויף איין א'ער סיבה, אויף אַ פּלאָג וואָס קומט פֿון הולטײַעס אויס“, מס, משלי, תּקע“ד, ג, 25. מלל פֿאַרטײַטשט 'תּם אני ויעקשני, (איובֿ, ט, 20): “מאַכט מיך אונגרעכט“ [תּי: „וועט ער מיך מאַכן פֿאַר קרום“]. תּי פֿאַרטײַטשט 'ושׂנאת חמט, (תּהליס, כה, 19) — “די אומגערעכטע פֿײַנטשאַפֿט„. „אפֿשר זײַנען מיד נישט

נערעכט צו [אי], איך מיין אַפּילו אַז מיר
זײַנען א'“, בעמ III. —ערהייט — אַדוו. א,
זיך אַרויסשטעלן ווי דער צדיק. „באַשטראָפּט
ווערן פֿאַר רויבן די פּערזענלעכע פֿרײַהייט א',,,
ונאָס ווילן די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאנד7,
זשענעוו 1899. ־קייט — די א, שרײַט אַרויס
פֿון אַלע רייד (מעשׂים)... „אייניקע א'ן איז
פֿאַרהאַנדן אין דעם שולד־בריוו וועלכע מע
דאַרף ערקלערן“, יעקבֿ ראווינסקי, דער פֿאַלשער
ש ולד־בריעף, וואַרשע 1885.

אומגערעכט — ד,. דזוו אומגעריכט. „ס'גוטע
קומט א',,, שוו.
אומגערעכטיק — אַדי. אומיושרדיק.
שוואַכער ווי אומגעדעכט. א'ע תּבֿיעה. א'ער פּסק־דין.
אומגערעכטיקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומגערעכט(יק). די א, פֿון די שטרענגע געזעצן.
2. יעדער פֿאַל פֿון אומיושרדיקייט. „די טרערן
וואָס ווערן פֿאַרגאָסן אויף די א'ן אין דער
וועלט...די טרערן זײַנען ניט קיין וואָכעדיקע“,
שנ, וועגן יודישע שרײַבער I. “דאָס לעבן איז

פֿול מיט א'ן“, א. מענעס פֿאָר, 28 1962 X.

,

או'מגערע'כנט 1 — אַדי. 1. ניט־גערעכנט, ניט־געחשבונט. באַצאָלן א'. 2. ניט־געציילט. א'ע אוצרות. 3. צופֿעליק, וואָס איז אָן אַ כוונה, אומגעריכט. זיך אָנשטויסן אויף עמעצן גאָר א'. ־ערהייט — אַדוו. א, צאָלן, עפּעס טאָן אאַזוו.

אומגערעכנט 11 — אַדי. ארכ. על־פּי נפּ < ווערב 'רעכן, = נקמה נעמען + אום. וואָס איז אָן נקמה. “צו בליט פֿר גיסן זלשׂטו [= זאָלסטו] קיינם ניט סאָן, דען גאָט יתברך ועט דיר עשׂ ניט אום גירעכנט לאָזן„, יענטע בת יצחק, עשׂרת הדברות ביכל, אָנהייב 19. י„ה [נפּ, וואַכשטיין־בוך. מעגלעך אויסצוטײַטשן דאָס וואָרט אום גירעכנט אַזוי ווי דפֿוו].

אומגערעמט — אַדי. ניט אַרײַנגערעמט אין רעמלעך. אַן א'ער פּאָרטרעט. ־ערהייט — אַדוו.

או'מגעשאַ'ט — אַדי. ניט־באַשעדיקט, ניטגעניזוקט. אַרויס א, פֿון אַן אומגליקספֿאַל. “בלײַב א, פֿון דעם דאָזיקן וואַסער פֿון ביטערניש“, תּי, במדבר, ח, 19.

או'מגעשאָ'כטן — אַדי. ניט־געקוילעט.

על־פּי נס בלײַבן א'. די א'ענע עופות ליגן געבונדענע. ־ערהייט — אַדוו.

אומגעשאָלטן — אדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פאַר אומשילטן ←. 2. ניטגעשאָלטן. „גאָט יתברך לאַסט קיין...ביז און גישטראפֿט אונ, און גישולטן„, צוכט.

אומגעשאַפֿן — וו־י. 1. פאַר אומשאַפֿן ←. איבערגעמאַכט, געטאָן אויף אַן אַנדער אופֿן. די א'ענע וועלט. אינגאַנצן א'ענע דראַמע. 2. ניט־געשאַפֿן. פלאַנירטע, אָבער דערווײַל א'ענע ווערק. „די מאַטעריע איז א'“, זשיט.

או'מגעשאַ'צט — אַדי. ניט־געשאַצט; וואָס איז ניט מעגלעך צו שאַצן. א'ע אוצרות. א'ע ירושה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

[וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פאַר אומאומגעשאָרן — אַדי. פּפֿ: ~געשוירן.

שערן ←. אַרומגעשאָרן. די א'ענע קורצע האָר. 2. ניט־געשאָרן. אַן א'ענער, מיט לאַנגע האָר. “איין משל פֿון צווייא שאַף איינש שערט ער אונ, דאשׂ אַנדר שערט ער ניט, אונ, וויל זיא שוועמן דורך איין וואַשׂיר. דאשׂ גישארן שווימט דורך, דאשׂ און גישארן דר טרינקט„, בראַנט.

,,ער האָט ווידר גישענקט צו דעם מלך ישׂראל...
אום גישאָרני שאַף“, סהמ, מלכים ב, קח/ב.
־ערהייט — אַדוו.

או'מגעשטי'לט
או'מגעשאַ'רפֿט — אַדי. ניט־געשאַרפֿט.
א, מעסער. א, לעדער = וואָס ווערט ניט דינער
געמאַכט בײַ די קאַנטן, נאָר געלאָזן אין דער
נאַטירלעכער גרעב (בײַם אויסאַרבעטן
לעדעראַרטיקלען). ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומגעשווינדסטן — אַדוו. פֿטמ. נר.
אַנשטאָט אַמגעשווינדסטן ←. ,,איך וואַרט נאָר אַז
מײַן מאַן זאָל ווי א, קומען צופֿאָרן“, א. ו., דאַס
מערדערישע ווײַב, לובלין 1875.
אומגעשוירן — אדי. ← אומגעשאָרן. “
לאַגנהאַריקע, אייביק א'ענע מעראָווינגער“, מוו איבז,
וויפער, געשיכטע פֿון מיטלעל ער. ,,אָבער ווען
מע זעט פֿיר קאָפּ־געדיכטע און א'ענע יאַטן פֿון
דער נאָנט, ווערן זיי גענוג סימפּאַטיש“, פֿאָר,
)14 19 III.
או'מגעשו'לט — אַדי. ניט־געלערנט אין אַ
שול; ניט־טרענירט; אומגעניט. אַן א'ער

עקספּע□רימענטאַטאָר. „די א'ע, וואָס קענען נעבעך
אַליין ניט פֿירן קיין פֿעדער“, מר □, נ״י 1910.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „א, איז אַ
שטער פֿאַרן פֿעאיקסטן“.
אומגעשטאַלט — די (דאָס), ־ן. נעאָל. (
קינסטלעריש) ניט־געראָטענע געשטאַלט; קאַריקאַטור
אויף אַ געשטאַלט. „די געשטאַלטן און א'ן פֿון
ראָמאַן“.
אומגעשטאַלטיק — אַדי. וואָס האָט ניט
קיין (בולטע) געשטאַלט. עפּעס אַן א'ע
סטאַטוע. “יסורים זאַלן קענען דעם מענטשן אַזוי
שרעקלעך מאַכן א',„ יונה טרובניק איבז, אסתּר
המלכּה, באַרדיטשעוו 1888 ־יקייט — „אָבער
.
דער אָרעמער ישיבֿה־בחור פֿון [רשיס און
רמבמס] צײַטן איז געבליבן פֿאַרזונקען אין
א',„ ימ, צוק, 1964, 1.
אומגעשטאַלט(יק)ונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אומגעשטאלט(יק)ן. „אין
וואָס פֿאַר אַ וועג אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן
זאָל די אומגעשטאַלטונג פֿון אַ ציוויליזירטער
מענטשהייט [געשען?]“, דער וואַהרער ציל פֿון
אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901.
או'מגעשטאַ'לטיקט — אַדי. וואָס איז ניט

געוואָרן געשטאַלטיקט, וואָס האָט ניט באַקומען
קיין (בולטע) געשטאַלט. „ווי אומפֿאַרמײַדלעך
עס איז דער א'ער רעאַליזם„, מעריסאָן איבז,
טפּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אומגעשטאַלט(יק)ן — טרוו. ־ט(יק) אום,
~געשטאַלט(יקט). איבערפֿורעמען,
איבערקאָנסטרואירן, איבערמאָדעלירן. א, די העלדן בײַם
אינסצענירן אַ ראָמאַן.

או׳ מגעשטוי'סן — אַדי. ניט־געשטויסן. „ווען
מען ברויך אום שבת צום עסן אַ ביסל פֿעפֿער
אָדער זאַלץ און עס איז א„ טאָר מען ניס
שטויסן אום שבת אין אַ מערזשער, נאָר מע
מעג צערײַבן מיט אַ שטיל פֿון מעסער אין אַ
שיסל“, דרך אַדם, וואַרשע 1860. —ערהייט
— אַדוו.

או'מגעשטי'לט — אַדי. 1. ניט־געזעטיקט.
אַוועקלייגן אין וויגעלע דאָס א'ע קינד. 2.
ניסאָפּגעשאַפּט (ווענן באפֿרידיקן באַדערפֿעניש אין
עסן און טרינקען). א'ער דאָרשט, הונגער. “ער
האָט געוויזן זײַן טעמפּעראַמענט, זײַנע ברייטע

אומגעשטים

זשעסטן און זײַן א'ן דאָרשט נאָך

אויסדריקלעכקייט,,, שנ, ייִד, שרייַבער אין סאָוועטןפֿאַרבאַנד, נ,,י 1958. 3. ניט־באַפֿרידיקט. ניטצופֿרידנגעשטעלט. א'ע פֿאַרלאַנגען. ,,און דאָס האַרץ בלייַבט א'", קמ, 47 1866' No. ,,ביַי דעם אַמאָליקן טרויער פֿון א'ן וועלט־שמערץ", ייִט, פּוילן II ו. ,,פֿאַראַן אַ טייל [פֿון טויט] וואָס בענקט ווי א'ע ליבע,,, סוצ, פֿעסטונג.
־ערהייט — אַדוו. לייגן דאָס קינד שלאָפֿן א'.
־קייט.

אומגעשטים — אַדי. אַרכ. אומרואיק, שטורעמדיק. ,,און, גלײַך אַז דער ווינט דער דא מאַכט און גישטים דאשׂ וואַשׂר...אויך דיא ביזן רידן...דיא מאַכן און גישטים דשׂ הערץ", יוסיפֿון, אַמשט 1661 [מ. מאַן, יוסיפֿון 1743, האָט משמעות געהאַלטן אַז דאָס וואָרט איז ניט פֿאַרשטענדלעך, האָט ער פֿאַרביטן אויף: ,,גלײַך דר ווינט מאַכט שטאָרמין...] ־יק. ־יקייט
.
— ,,און, אום ווילן דער גרושן אונגשטימיקייט מיט דעם זיא וער, איבר פֿאַלן ווערדן", יוסיפֿון, אַמשט 1661.

אומגעשטימט — אַדי. 1. פֿאַר אומשטימען ←. איבערגעשטימט, געביטן דורך אַ שפּעטערער אָפּשטימונג. אַן א'ער באַשלוס. 2. [דאָ

און ווײַטער — או'מגעשטי'מ□] ניט־געשטימט
אָדער שלעכט געשטימט (וועגן אַ מוזיקאַלישן
אינסטרומענט). שפּילן אויף אַן א'ער פֿידל.
3. ניט־געשטעלט צו אַן אָפּשטימונג. לאָזן דעם
פֿאָרשלאָג א, בֿיז דער קומענדיקער זיצונג.
4. וואָס איז אין אַ שלעכטער שטימונג. „ווען
איך קום, איז ער אַן א'ער„, רייד. ־קייט —
„גלאַט אַן א, צו נעמען די פֿידל אין האַנט
אַרײַן“, איק, 1 1965 I.
אומגעשטירצט — אַדי. אַרכ. פּאַר
אומשטירצן ←. „די מנורה איז אום גישטירצט“,
קינות לתשעה באָב, פֿיורדא 1767.
אומגעשטעטיקט — אַדי. אַרכ. וואָס פֿירט
זיך ניט מיט דעם ריכטיקן שטאַט; פֿאַרדאָרבן.
„נאָך דיר [זונה] איז ניא אַזו אום גשטעטיגט
גיוואָרן„, סהמ, יחזקאל, קא/ב.
אומגעשטעלט — אַדי. 1. פּאַר אומשטעלן
←. איבערגעשטעלט. דאָס א'ע מעבל. 2. [דאָ
און ווײַטער — או'מגעשטעט'ל□] ניט־געשטעלט.
„פֿון א'ו מעד ווערט ניט פֿריילעך אויפֿן
האַרצו“, רייד. 3. נישט־אײַנגעשטעלט. וואָס
איז אָן פֿעסטקייט. א'ער פּאַרשוין. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט — „זי האָט זיך באַשולדיקט
אין שוואַכקייט, אין א„, פּ. רודאָי, טמן, 1964

.III 9
אומגעשטעמפּלט — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבויט] 1. פֿאַר אומשטעמפּלען ←.
איבערגעשטעמפּלט, אַרומגעשטעמפּלט. 2.
ניטגעשטעמפּלט. „ניט געדאַרפֿט ווײַזן איר געלע
קאַרטל, — איז עס פֿאַרבליבן א'“, פּאָר, 1963
2 III. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מגעשטע'רט — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ
שטערונג, אָן אַ מניעה; פֿרײַ. „יעדער פּילט
זיך פֿרײַ און א', באַפֿרײַט פֿון דעם
פֿאַרשלאָסענעם שטאָטישן לעבן“, ספּ, סודות. „אויך די
מערהייט איז פֿאַראינטערעסירט אין דעם, די
מינדערהייט זאָל קענען פֿרײַ און א, זיך
אַנסוויקלען“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.

2. וואָס איז אָן אַ כּוח וואָס שטערט. „די
הימלס־קערפּער קאָנען זיך דעריבער באַוועגן
אין [דעם וועלט־עטע] א',„ גוטנ.
3. וואָס איז אָן אַ זײַטיקן אַרײַנמישן זיך
(און שטערן). „בלײַבן פֿאַר זיך אַליין, א, פֿון
אַן עולם מענטשן אין קלײַזל“, ממוס, ווינטשפֿ.
„און אויף דעם בוים, האָב איך געהערט, אַ
פֿויגל זינגט גאָר א,“, אַר, ,עס איז געווען

אַמאָל'. „צי חיה צי בהמה — ס'וועט יעדע אָן אימה געניסן איר גליק א'„. יהואָש, פֿאַבלען.

4. ניט־איבערגעריסן. א'ע שטילקייט פֿון דער נאַכט. „טאָ שלאָף זשע זיס און א', באַדעקט מיט גרינס מיט זאַפֿטיקן„. פֿרוג I, נ"י 1910.

5. שטאַנדהאַפֿטיק, באַלאַנסירט. „דאָס דורכשניטלעכע קינד איז [בעת דער מלחמ I פֿאַרבליבן עמאָציאָנעל א'„. ימ, קוד, 1943.

־ערהייט — אַדוו. א, טאָן וואָס מע וויל. „וועסט דערנאָך מיך ווײַטער אויסהערן גאָר א'", אמד, שבתי צבֿי, ווילנע 1882. „א, און אָן דאגות פּרנסה איבערזיפּן און אויססדרן די צונויפֿגעוואָרפֿענע אַרבעטן„. יוסף בערנפֿעלד, גק, No 44. ־קייט.

או'מגעשטראָ'פֿט — אַדי. 1. וואָס איז (בלײַבט) אָן אַ שטראָף. אָן אַן עונש. „איר וועלט און גישטרופֿט בלײַבן„. מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, כה 29. „גאָט יתברך לאַסט קיין...ביז און גישטראפֿט", צוכט. "זעט וויפֿל

פֿון [די פּריצים] לעבן א, אין דער גרעסטער אומזיטלעכקייט", ייִפֿאָל, 2 .49 1884, No. וואָס

איז (בלײַבט) אָן אויסרעדן, מוסרן. א'ע קינדער. ־ערהײט — אָדוו. א, ווידער שטערן דעם קלאַס. ־קײט.

או'מגעשטרוי'כלט — אַדי. 1. וואָס האָט זיך ניט פֿאַרטשעפּעט אין עפּעס. א'ע סריט. א, אין דער פֿינצטעתיש. 2. דורכגעמאַכט אָן שטערונגען. א'ער וועג. 3. וואָס איז ניט פֿאַרפֿירט געוואָרן. א, פֿון זינד (פֿאַרפֿירעניש, תּאווה אע). ־קײט.

אומגעשטרײפֿט — אַדי. וואָס איז אָן שטרײַפֿן, פּאַסן, ליניעס. אַן א, קלײד. אַן א'ער קאָסטיום.

אומגעשידן — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז ניט צעשײדט. „גליק און פֿרידן, א, צווישן הײַדן, קריסטן, ייִדן...‟, ווינטש I, נ״י 1920.

או'מגעשײַ'ט — אַדי. 1. וואָס איז אַ ביסל אומגעלומפּערט אָדער שעמעוודיק. צוריקגעהאַלטן. זײַן א, אין אַ געזעלשאַפֿט. 2. וואָס באַנעמט ניט געגנוג גיך. אַן א'ער תּלמיד. ־קײט — אַרויסווײַזן א'.

אומגעשײלט — אַדי. ניט־געשײלט. „דער

ווײַל דאָש מן זיא קאַן אזו עשׂן און גישילט“, לט1, עה/א. ,,נעם...איין האַנט פֿול אום גושילטי גערשטן“, סור II, כא/ב. ,,מע דאַרף ניט עסן קיין א'ע און רויע פֿרוכטן,,, פֿגעז, פּאַריז 9 1950, No־10. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומגעשײַערט — אַדי [וועגן אַקצענט ←
אומגעבֿויט] 1. פּאַר אומשײַערן ←. אַרומגעשײַערט. פֿון אַלע זײַטן א'. 2. ניט־געשײַערט. אָפּבֿרענגען דעם טאָפּ א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומגעשליפֿן

אומגעשיכטלעך — אַדי. וואָס איז אָן פֿאַרבֿינדונג מיט געשיכטע אָדער קעגן געשיכטע. ,,דער גאָון איז איבֿערגעשיכטלעך, אָבֿער ניט א, פֿאַרשטיין אים מיינט קודם־כּל פֿאַרשטיין ־ .
זײַן תּקופֿה,,, יוחנן טווערסקי, צוק, סעפּ, 1964.
אומגעשיצט — אַדי. ניט־געשיצט. אומבֿאַשיצט. א'ע פֿעסטונג, פּאָזיציע. ־קייט.
או'מגעשי'קט — אַדי. 1. ניט־בֿריהש; אומגעניט; אומגעראָטן; אומגעלומפּערט. ,,דר... בֿחור ניט איז רעכט גירוטן, טעלפּש אונ, און גישיקט,,, צוכט. ,,[אין] וויקלען די קינדער...

זײַנען די אָרדינערע מענטשן זייער א',,, מלכּה בערלאָנט, די נליקלעכע מוסער, ווילנע 1836.
,,איך האָב...די מלאָכה גאַנץ ווייניק געלערנט. איך וואַר נאָך אַלץ א,", אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע תּרל"ה. ,,ברענג קיין מיידל ניט וואָס פֿוילט זיך פֿוילע פּיס, הענט א'ע, ברענג

,

אַ ווייַב מיט פֿלינקע פֿינגער", יהואָש, הײַאָוןאַטאַ.
2. אַרכ. וואָס שיקט זיך ניט; אומפּאַסיק. אומגעראָטן. ,,האָט עשׂ אונז ניט פּאַר אונגעשיקט אַן גיזעהן אַך דשׂ ספֿר...פֿון לשון העבֿרי צו טײַטשער שפּראַך צו מאַכן", יוסיפֿון, אַמשט 1661. ,,אויז דיזם גידיכט צו זעהן...עשׂ זוא גאַנץ אונגישיקט און, אונגיריימט גימאַכט איז", אליהו בּר, ליזר קוטנים, [איבּז], תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692.
3. פּאַר אומשיקן ←. [נאָר מיט איין אַקצענט אויף או'מ־.] אַרומגעשיקט. אַן א'ער אין פֿאַרשיידענע ערטער.

אומגעשיקטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגעשיקט. ,,אַ ניט־זגראַבנעקייט, אַן א, אין יעדער באַוועגונג,,, רייד. ,,ס'מערקן זיו שטערונגען

אין די באַוועגונגען...אומזיכערקייט, א',,, פֿגעז, ווילנע 1927, No 11־12.
אומגעשיקלעך — אַדי. אַרכ. אומגעניט; שווער־באַוועגלעך. ,,איין שוועהרר אָדער גראָבר אונגשיקליכר מאַן,,, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ,,ט.
אומגעשלאָגן — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט.] 1. פּאַר אומשלאָגן (זיך) ←. 2. ניס־באַזיגט אין אַ פֿאַרמעסס. אַרויס א, אין דעם שאָך־טורניר. ־ערהייט — אָדוו, בּ.
או'מגעשלאָ'פֿן — אַדי. ,,אַז מע לייגט זיך אומגעגעסן, שטייט מען אויף א'', שוו. ,,איר געזעלנשאַפֿטער מיט וועלכן זי פֿלעגט די א'ענע נעכט צובּרענגען'', אמד, די שקלאָווערײַ, ווילנע 1887. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעשלײַדערט — אַדי, פּאַר אומשלײַדערן ←. אומגעוואָרפֿן מיט כּוח (כּעס). ,,אַ פּאָר הונדערט קוואַדראַטמײַל אורוואַלד איז...א'', פֿאָר, 18 1961 III. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעשליי'ערט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרשלייערט. ,,זיא גינן און גישלייארט'', בּראַנט. 2. ניט חתונה־געמאַכט. ניט־פֿאַרשלייערט. אַן א'ע מויד.

אומגעשליפֿן — אַדי. 1. פֿאַר אומשלײַפֿן ←.
אַרומגעשליפֿן. א, ווי אַ גוטער דימענט. 2. [דאָ
און ווײַטער — או'מגעשלי'פֿן.] ניט־געשליפֿן.

אומגעשליפֿנקייט

א'ענער דימענט. 3. ניט־באַאַרבעט. אַן א,
ווערק, מיט אַ סך חסרונות. 4. וואָס האָט ניט
קיין פֿײַנע מאַנירן; ניט־איידל; נאַאיוו. אַן א'
ענער דאָרפֿסמאַן. „דיא קאַפֿע זיצר...הלטין די
לײַט פֿר אום גשליפֿן“, דוד מוזיקוס, „איין שין
ליד פֿון די הנד ווערקשׂ לײַט', 1775 [ריבֿ, פֿש
I]. „ווערטער...פֿון אַן א'ענעם אָבער ערלעכן
מאַן“, ס. קאהן, דער עדלער עס תארץ פֿון פּראַג,
וואַרשע 1890. ־ערהייט — אַדוו.
אומגעשליפֿנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומגעשליפֿן. אַ
ווינקלדיקייט, אַן אומבאַהאָלפֿנקייט אין דער
געזעלשאַפֿט, אַן א, פֿון מאַנירן. „דאָס
פֿאָלקסלשון מיט זײַן גאָרע ר א, און מיט זײַן עכטער,
נאַטירלעכער, אומאויסגעאיידלטער צורה,„ ימ,
ייִשפֿ, 4 ,I X.
אומגעשלעכט — דאָס (די). מצ נבֿ. פֿרוי
אָן שום געשלעכטלעבן רייץ. „ווי האָט ער גאָר

חתונה געהאַט מיט אַזאַ א'?‟, רייד.
אומגעשלעכטיק — אַדי. נעאָל. וואָס
געהערט ניט צו קיין געשלעכט. א'ע געוויקסן.
־יקייט.
אומגעשלעכטלעך — אַדי. וואָס איז ניט
פֿעאיק אָדער דערוואַיטערט פֿון געשלעכטלעכער
פֿאַרבינדונג. אַן א, לעבן ווי אין אַ מאָנאַסטיר.
„באַקטעריעס פֿאַרמערן זיך א‟, א. ש. זאַקס,
. .
דאָס לעבן פֿון פֿלאַנצן. ־קייט.
או'מגעשמאָ'לצן — אַדי. 1. ניט־געשמאָלצן.
א'ענער מעטאַל. 2 וואָס איז אָן פֿעטס. „'
קאַרטאָפֿל מיט נישט, רופֿט מען אין ליטע א'ענע
קאַרטאָפֿל„, יע, וואונדער־אוצר פֿון דער ייִד,
שפּראַך, וואַרשע תר„פּ, 11. ־ערהייט —
אַדוו.
או'מגעשמאַ'ק — אַדי־ היפּוך פֿון געשמאַק;
ניט געצוג געשמאַק. א'ע מאכלים. „קאַן דען איין
אונגישמאַקי שפּײַז גיגעשין ווערדן זונדר
זאַלץ?„, וויצ [ייִפֿאַ, 1938, 3]. סובֿ — דער, ־ן.
(דרייזין). שלעכטער געשמאַק. אַ מענטש מיט
אַ בולטן א'.
או'מגעשמאַק — דער. מצ נבֿ. שלעכטער,
ניט אַנטוויקלטער געשמאַק. אַרויסוויַזן אַן א'.

-

אַן א, וואָס שרײַט אַרויס פֿון אַלע ווינקעלעך.
אומגעשמדט — [...געשמאַט] אַדי. ניט־
געשמדט. דער איינציקער א'ער אין דער פֿאַמיליע.
פֿרגל ~געטויפֿט.
אומגעשמײַדיק — אַדי. וואָס איז צו
פּאַמעלעך, ניט־בּריהש. ליימענע, א'ע הענט.
או'מגעשמי'נקט — אַדי. 1. וואָס איז אָן
שמינק(ע). אַרויס אויף דער בּינע א,. 2. וואָס
איז אָן אַ פֿאַלשן פּוץ, נאַטירלעך. א'ע רייד.
,,דער א'ער אַני־מאמין פֿון יעדן מין
מאַכטפּאָליטיק,,, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און
קולטור, בּ,,א 1949. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מגעשמי'סן — אַדי. ניט־געשמיסן. דאָס
קינד איז געבּליבּן א'. ־ערהייט — אַדוו.
או'מגעשניטן — אַדי. [וועגן אַקצענט ←
אומגעבּויט.] 1. פּאַר אומשנײַדן ←.
אַרומגעשניטן. א, פֿון צוויי זײַטן. 2. ניט־געשניטן.
,,מע שנײַדט ערשט דאָס לחם אַרום פֿון אויבּן
און פֿון אונטן...אין מיטן זאָל איבּערבּלײַבּן א',

און מאַכט די בּרכה, און נאָך דער בּרכה זאָל

מען ערשט...אָפּשנײַדן“, הקדבֿ א. בּרודא, הליכות עולס, אונגוואַר 1864. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעשע'דיקט — אַדי. ניט־געשעדיקט. אַרויס א'. א'ע פּראָדוקטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעשע'נדט — אַדי. 1. פּפֿ: ~ געשענדיקט. וואָס איז ניט געוואָרן געשענדט. א'ע הייליקייט. 2. אַרכ. וואָס האָט ניט קיין שאַנדגעפֿיל. „זיא ווען און גישענד זײַן אונ, וועלן זיך ניכט שעמען“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, ח, 12.

או'מגעשע'ען — אַדי. 1. וואָס איז ניט געשען. „ער האָט אַ גוטן זכּרון. ער געדענקט אַפֿילו א'ע פּאַסירונגען„, רייד. 2. נעאָל. וואָס האָט ניט קיין געשעענישן. „פֿון אָט דער אומדראַמאַטישער און א'ער טאָגטעגלעכקייט“, יג, תּוך. ־קייט — „געבּן [די דראַמעס] אין זייער מוזיקאַלישער א'„, יג, איק, 14 ◻ 1964 III.

אומגעשעעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געשעעניש וואָס רופֿט אַרויס אומצופֿרידנקייט. „ס'איז ניט קיין גרויסע צרה, אָבער אַן א, איז עס יאָ„, רייד. 2. היפּוך פֿון געשעעניש, דאָס וואָס איז ניט געשען. „צי קאָנסטו אַ געשעעניש

פֿאַרוואַנדלען אין אַן א,?,,, הל, אין די טעג פֿון איובֿ.
,

אומגעשעסט — דאָס, ־ן. שלעכט געשעפֿט (וואָס מע לייגט צו צו דעם). אַרויסקריבן מיט גאַנצע ביינער פֿון די א'ן.
או'מגעשע'פֿטמעסיק — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי מע פֿירט (דאַרף פֿירן) אַ געשעפֿט. ,,ווען דער סוחר איז א', פֿאַרטרײַבט אים דאָס געשעפֿט,,, רייד. ־יקייט.
אומגעשעצט — אַדי. 1. וואָס מע ווײַזט צו דעם ניט אַרויס גענוג אַכטונג, דרך־ארץ. א'ע טראַדיציע. 2. וואָס מע קען ניט אָפּשאַצן. ,,האָט איר געדאַנקט פֿאַר דער א'ער גענאָד
...
וואָס זי טוט מיט אים,,, ג'ל'כ'ז, [איבֿז], קאַמבער מיט דער פּרינצעסין אַדעסיניע, ווילנע 1870. ־קייט.
או'מגעשפּאָ'לטן — אַדי. ניט־געשפּאָלטן; גאַנץ. ,,דער חדר איז געווען אַן אויסדרוק פֿון דער א'ענער סבֿיבֿה,,, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ,,קאַווע־קערנדלעך איז דאָ צווייערליי מינים; געשפּאָלטענע און א'ענע, וועלכע רופֿט

זיך פּערל־קאַווע,,, טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, [לאָדזש, 1910?]. ־ערהייט — אָדוו. ־קייט.

אומגעשפּאַנט — אַדי. [וועגן אַקצענט ← אומגעבויט] 1. פּאַר אומשפּאַנען ←. איבערגעשפּאַנס. 2. וואָס איז געבליבן ניט אײַנגעשפּאַנט. אַן א, פֿערד. 3. ניט־געשפּאַנט, ניטאָנגעצויגן. רואיקע, א'ע סיטואַציע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגעשפּי'לט — אַדי. ניט־געשפּילט. ,,מײַן לירע פֿאַרמאָגט א'ע מוזיק", ווינטש II, נ"י 1927.

או'מגעשפּי'רט — אַדי. וואָס מע שפּירט ניט, מע ווייסט ניט פֿון דעם. א'ע פֿאַרוואונדונג. ,,א'ע סיבות,,, שטריגלער, איק, 27 I 1961.

אומגראָז

או'מגעשראָ'קן — אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך שרעק; וואָס מע (דער)שרעקט ניט. ,, אונדזער וועג פֿון א'ענער, אָפֿענער, ערלעכער, ניטמאַסקירטער פֿאָלקישער אַנדערשקייט,,, ימ, צוויי רעפֿעראַטן, 1954 ־ערהייט — אָדוו.

.

־קייט.

אומגעשריבן — אַדי. [וועגן אַקצענט ←

אומגעבויט] 1. פֿאַר אומשרײַבן ←.
איבערגעשריבן. אַן א'ענע קאָמפּאָזיציע. 2. ניט־
געשריבן. אַן א, געזעץ. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומגראַבל(י)ען — טרוו. ־בל(י)ע אוס,
~געגראַבל(י)עט. אויך: ~גראַבליעווען.
1. שאַרן, צונויפֿנעמען מיט דער גראַבליע פֿון
איין אָרט אויפֿן צווייטן אָדער אַ לענגערע צײַט.
א, היי. 2. איבעררײַען, אומנישטערן. א, אין
אַלע ווינקעלעך (און ניט געפֿינען) ־עניש.

.

אומגראָבן — טרוו. גראָב אום, ~געגראָבן.
אַרומגראָבן, גראָבן פֿון אַ פּאָר אָדער אַלע זײַטן.
אורח פֿאַרטײַטשט 'לא יעדר, (ישעיה, ה, 6):
,,וועט ניט אומגיגראבן ווערן,, [תי: ,,
אַרומגעגראָבן ווערו]. ,,איך וויל [דעם ווײַנגאָרטן] טאָן
וויסט, ער ווערט ניט ווערן גשניטן אונ, ניט
ווערן אום גיגראָבן“, סהמ, ישעיה, ה, 1. ,,און
אויב מע קען די פֿײַכטיקייט [פֿון באָדן]
אָפּצײַען דורך א, ראָוועס,,, מ. וועבער, דער
יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. ־עניש.

אומגראַגערן — אוטוו. ־ער אום, ~

געגראַגערט. 1. גראַגערן מיט אַ גראַגער אַ לענגערע צײַט. 2. טומלען, פּלוידערן אַ לענגערע צײַט. א, און פֿאַרטומלען דעם קאָפּ.

אומגראָד — אַדי. 1. ניט־גלײַך. אַן א'ער וועג. 2. וואָס טיילט זיך ניט אויף צוויי. איינס, דרײַ, פֿינף...זײַנען א'ע צאָלן. „איין קעמל [אין וועבשטו□] האַלט אין זײַנע אייגלעך די גראָדע פֿעדעם, דאָס צווייטע — די א'ע„, ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928. „און, אויף אים פֿאַלט אויך דשׂ (גורל) דשׂ ער צום ערשטן שטאַרבן זאָלט, דען ער וואַר דער אונגראדשׂטר“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, קי/ב. □קייט.

[פֿאַראַן פֿאַרשיידענע שפּילן וואו מע דאַרף טרעפֿן: גראָד אָדער א,? — מיט מטבעות, ניסלעך, קנעפּלעך אאַ.] *שפּילן גראָד אָדער (צי) א, = שפּילן אַן אַזאַרט־שפּיל, שטעלן אין קאָן, פּרוּוון דאָס מזל. „מיט דעם לעבן טואט מן גראַד אודר אום גראַד שפּילין„, □Iה II, יד.

או'מגראָדוו□'נקלדיק — אַדי. וואָס דער ווינקל פֿון דעם איז קלענער אָדער גרעסער פֿון נײַנציק גראַד. א'ע קאָאָרדינאַטן. ־יקייט.

אומגראָדיק — אַדי. דזוו אומגראָד, 1ב. ־יקייט.

אומגראָדע — די, אצ ווי מצ [תּלמידים צווישן
בּיידע וועלט־מלחמות פֿלעגן צוגעבּן ־ס]. (מאַט)
יעדע ליניע וואָס איז ניט קיין גראָדע; די
קרומע.
אומגראַווירן — טרוו. ־וויר אום, ~גראַווירט.
איבּערגראַווירן פֿאַרריכטן וואָס איז שוין
אויס,
גראַווירט. „בּײַם א, קען מען זייער וויניק
פֿאַרריכטן“.
אומגראָז — ד□ □.י ־ן.ווילדגראָז. אַרויסרײַסן
א'.

או'מגראַמאַ'טיש

או'מגראַמאַ'טיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
לויט די כּללים פֿון גראַמאַטיק. א'ע זאַצן.
2. ניט־עלעגאַנט אין שרײַבּן אָדער אין ריידן.
אויך: ~גראַמאַטיקאַליש — „דער טויט
איז אַ פּרעדיקאַט און אַ סובּיעקט, האָבּ איך צו
זיך געמורמלט. דער טויט איז אומלאָגיש, א'“,
בּאַש, פֿאָר, 15 1963 II.
אומגראַמאַטישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומגראַמאַטיש.
„האָט געגרילצט אין די אויערן מיט דער א'“,

לע, טמז, 4 2􀀀19 II.

אומגראַמאָטנע — אַדי. 1. אָנע[􀀀]בֿרידיק. ניטגעלערנט; עם־הארציש. ניט־גראַמאַטיש. א'ער ישובניק. א'ער בּריוו. א'ע בּאַפֿעלקערונג. 2 פֿטמ. ניט פֿאַכמעניש. א, צוטרעטן צו אַן .

אַרבּעט ־קייט.

.

או'מגראַציע'ז — אַדי. ניט (געגו􀀀) גראַציעז.

א􀀀ע בּאַוועגונגען. ־קייט.

אומגרובּ אַנעווען — אוטוו. ־נעווע אום,
ֽ

~(גע)גרובּיאַנעוועט. אויפֿפֿירן זיך ווי אַ גראָבּער־יונג. א, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אָנשטענדיקע פֿרײַלינס.

או'מגרוי'סמוטיק — אַדי. ניט־פֿרײַגעבּיק. וואָס איז ניט נוטה מוחל צו זײַן. ניט־קמצניש, אָבּער דאָך א'. ־יקייט.

אומגרונט — דער, ־ן. נעאָל. דאָס וואָס איז אָן אַ גרונט. "אין דעם אורגרונט בּאַהאַלט זיך די פּלאַטאָנישע אידייע פֿון א,, וואו זײַן און ניט־זײַן פֿאַראייניקן זיך אויף אַ מיסטישן אופֿן,,, קאָר I.

אומגרופּירן — טרוו. ־פּיר אום, ~גרופּירט.
איבּערגרופּירן. א, די עלעמענטן, די דיוויזיעס.
אומגריבּלען זיך — אוטוו. ־בּל זיך אום, זיך
~געגריבּלט. אַ לענגערע צײַט גריבּלען זיך,
חוקר ודורש זײַן, זיך חקירהן. א, זיך אַרום
(וועגן) אַ פֿאַרדרייטער שאלה. ־עניש.
אומגריז(י)ען, ~גריזשען — טרוו. ־ז(י)ע,
־זשע אום; ~געגריז(י)עט, ~געגריזשעט.
1. אַרומגריזשען. א אַ בּיין פֿון אַלע זײַטן.
,
2. אַ לענגערע צײַט גריזשען. "דער הונט קען
א, דעם בּיין אַ גאַנצן טאָג,,, רייד. ־עניש.
אומגרייזלען — טרוו. ־זל אום, ~געגרײַזלט.
--
1. אַרומגרײַזלען אַרומוויקלען. 2. גרײַזלען
.
אַ לענגערע צײַט; גרײַזלען פֿונדאָסנײַ. א, די
האָר.
אומגרייט — אדי. ניט־גרייט, ניט אינגאַנצן
גרייט. אומווילִיק און דעריבּער א, זיך צו
בּאַטייליקן אין אַן אַרבּעט. ־ערהייט — אדוו.
־קייט — אַרויסווײַזן אַן א, עפּעס צו טאָן.
אומגרייכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
אומגרייכלעך — אדי. נעאָל. וואָס מע קען

(לאָזט זיך) ניט גרייכן, דערלאַנגען. א'ע
בערגשפּיצן. א'ע צילן. ← אומדערגרייכלעך.
־קייט.

אומגרײַסבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.
וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט אָנכאַפּן, אָננעמען;
אײַנשליסן. די ווײַטע א'ע שטערן.

-

אומגרײַסן — טרוו. גרײַף אום, ~געגריפֿן(?).
אַרכ. אַרומנעמען. "און, די באַלקן פֿון דיא

564

אײַזרני ווידר...דיא וואַרן זוא דיק דש צעהן
מאַנין האבן קענן זיא אום גרײַפֿין,,, יוסיפֿון,
אַמשט 1743.
אויך: ~רילן. גרילצן אַ לענגערע צײַט.
אומגרילצ — אוטוו. גרילץ אום, ~געגרילצט.

כסדר א', עס ווערן אַזש לעכער אין די אויערן.

־עניש.

אומגרימירט — אַדי. ניט־גרימירט; אומגעשמינקט; אומגעפֿאַרבט. א'ער אַקטיאָר. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מגריי'נדלעך — אַדי. וואָס איז אָן אַ גרונד, ניט גענוג מאָטיווירט. א'ע פֿאַרטיידיקונג. „שעדלעך צו דערציילן דעם קינד שרעקנדיקע מעשׂות...זיי מאַכן פֿול זײַנע געדאַנקען מיט שרעקלעכע פֿאָרשטעלונגען...און פֿליסן אויך אויף ווײַטער א▯ע פֿורכט„, מלכּה בערלאנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. ־קייט.

אומגרינטלעך — אַדי. ניט־גרינטלעך. לערנען, קענען א'. אויך דזוו אומגרינדלעך. ־קייט — אַן א, וואָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן.

אומגרענעץ — די & דער, ־ן. די גרענעץ אַרום און אַרום; גרענעץ־ליניע פֿון אַלע זײַטן. האַלטן אין א, מער ווי אַ קילאָמעטער.

אומגרענעצן — טרוו. ־נעץ אום, ~געגרענעצט. אַרומגרענעצן. א, דאָס פֿעלד. ־ונג.

אומגרעפּסן, ~גרעפּצן — אוטוו. גרעפּס (־פּץ) אום, ~געגרעפּסט(־צט). גרעפּצן אַ לענגערע צײַט. ־עניש.

אומגשמיותדיק — [...גאַ'שמיעס...] — אַדי. אוממאַטעריעל. הויכע, א'ע ענינים.

אומדאגהן זיך — [...דײַ'געַן...] אוטוו. דאגה זיך אום, זיך ~געדאגהט. לעבן אין דאגות, כסדר האָבן זאָרגן. א, זיך וועגן עמעצן, וועגן עפּעס.
אומדאָגמאַטיש — אַדי. ניט־דאָגמאַטיש. א'ער צוגאַנג צו פּראָבלעמען ־קייט.

.

אומדאַטירט — אַדי. וואָס האָט ניט אויף זיך קיין דאַטע. אַן א'ער בריוו.
אומדאַכטן זיך — אוטוו. דאַכט זיך אום, זיך ~געדאַכט. 1. אומפּ. דזוו אויסדאַכטן זיך, אומפּ (←), מיטן בײַבאַטײַט: אַ לענגערע צײַט. „עס דאַכט זיך אים אום אַז מע רודפֿט אים“. 2. דריטפּערזאָניק. זיך פֿאָרשטעלן אין דער פֿאַנטאַזיע. “שדים דאַכטן זיך מיר אום“. ־עניש.
או'מדאַ'מיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי עס פֿאַסט פֿאַ� י אַ דאַמע. א'ע מאַנירן. אַן א, באַנעמען זיך. ־קייט.
אומדאַנק — דער, ־ען. היפּוך פֿון דאַנק. אַ רעה פֿאַר אַ טובֿה. „און קיין זאַך קען אים ניט אָפּהאַלטן...קרענקונגען, א'“, ארז, קמ, 1867, No 16 פֿון מענטשן אַ דאַנק אַ זעלטן
גע. „ �--.--

שאַנק; דער א, קומט פֿרי(ע)ר, איז גלײַך בײַ דער טיר,,, שוו. *ניט נעמען אין א, = בײַם בעטן מע זאָל אָפּשאַצן. ,,נעמט מײַן מיא ניט אין און דנק. אונ, פֿאָרט וואול“, יוסף מאַרשן, הקדמה, איבֿז יהושע בן סירק, אַמשט 1712 [ייִבֿל 5 ,XIII־6].

אומדאַנקבאַר — אַדי. 1. וואָס שאַצט ניט

אומדבּרן

אָפּ עמעצנס אַ טובֿה. זײַן א, עמעצן פֿאַר אַ גוטער עצה פֿאַר הילף. “מיר מענשין זײַנין

,

און דאַנקבאַרי בּישעפֿניש“, גה, 122. ,,אונזר עלטרן...זענין קעגן השי,,ת און משה אום דאַנקבאַר גיוועזן“, עיון, מז/ב. ,,אונ, דשׂ ער ניט אונדאַנקבאַר זאָל זײַן קיגן זײַן הער“, שאַר. ,,אויבֿ איר מיינט אַז איך בּין אײַך דערפֿאַר א', האָט איר אַ גרויסן טעות“, גבֿי“ר מווילנא [גבֿריאל ראַוויטש], ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865.

,,איך בּין געוועזן אום און אום די כּפּרה־הי□דל בײַ אַלעמען, נאָר פֿונדעסטוועגן טאָר מען דאָך ניט זײַן א'“, [פֿרומקין], וויגדעריל בּן וויגדעריל, וואַרשע 1870.

2. ניט־גינסטיק, ניט־צוגעפּאַסט. א'ע פּאָזיציע. א'ער בּאָדן. א'ע ראָלע. "אַן דיזן אורט גקומען בּין [מיט] איינם אונדאַנקבּאַרן...גרושן דינשׂט", מראות הצובאות, וואַנדזבּעק 1718.
־קייט — די מיאוסע מידה פֿון א., „עז איז איין גרושׂ לאַשׂטיר דיא און דאַנקפּרקייט", צוכט. „עז איז קיין שענדליכר מידה אונ, גרוסיר לאסטר אלז דיא אונדאַנקבּרקייט", מראות הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718.
אום דאָ'ס — פֿראַזע. אַרכ. פֿטמ. צוליבּ (מחמת) דעם, איבּער דעם וואָס. "אום דאָס זיך די וואַסער מיטאַנאַנדער האָבּן געקריגט, דרום שטייט ניט 'כּי טובֿ, בּײַ דעם אַנדערן טאָג", צור, בּראשית.
אום דאָס לעבּן קומען — אַרכ. מײַ
פֿאַר.
לירן דאָס לעבּן. "דיא מויז, דאז זיא ניט שטרופֿנג האָט אויף גינומן, דרום איז זיכר אום דאז לעבּן קומן", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.
אומדאָפּטשען — ← אומטאָפּטשען.
אומדאָקטערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אום, ~אומגעדאָקטערט. גיין צו דאָקטוירים (און זיך היילן אָפּט פֿון אײַנגערעדטע חולאתן). זיך א, פֿון וואוילטיק.

אומדאָקטרינעריש — אַדי. וואָס איז ניט
ווי בײַ אַ דאָקטרינער. אַן א'ער צוגאַנג צו אַ
פּראָבלעם ־קייט.

.

 אומדאַר — אַדוו. אַרכ. a[) mme .:Mhd.
כּסדר, אָן אויפֿהער, שטענדיק. „ליש איך אַן
זײַנר קעטן אומדר, דש אימש שלמה המלך ניט
וואָלט הראבּר נעמן“, כּ״י דע ראָסי, 'איין מעשׂה
בֿון שלמה המלך', בּרעשיע 1510 [פֿ פֿאַלק,

.

וואכשטיין—בּוך]. “ער הט איין ויינטליך ווינן
אונ קלאָגן: דרוזייאנה, דרוזייאנה — וואש ער
אומדר זאָגן“, בבֿא־בּוך, 358. „זײַן בּרויט האָבּן
מיר געגעסן א'“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723,
יב/2.
אומדאר(ע)נען — טרוו. ← אומטאָרנען.
איבּערחזרן. שיח ה)דה, פֿיורדא 1737, פּרק ג,
פֿאַרטײַטשט 'חוזר על משנתו, — “ער דארינט
אום זײַן לערנן“; „האשׂטו דײַן תּפֿילה געטאָן
אודר דײַן לערנן אום גדאריניט?...עז וואַר דש
איך האבּ מײַן לערנן אום גדארינט“, דאָרטן.
אומדבּרן — [...דאַבּערן] דבּר אום, ~געדבּרט.
אוטוו — רעדן אַ לענגערע צײַט (פֿאַרשטעלטע
רייד, אייפּ אָדער וואול.). *א, וועגן אַכצן און

דרײַצן — װעגן װיכטיקע ענינים בײַ דער
גרופּע, חבֿריא, כּנופֿיא. טרוו — אַרומרעדן. א,
אַן ענין פֿון אַלע זײַטן.

אומדובֿלירט

קירט, ~ ~דובֿליצירט, ~
דובֿליופּליצירט — אַדי. ניט־
געאומדובֿלירט

טאָפּלט ־קייט.

.

אומדויערדיק — אַדי. װאָס געדויערט ניט
גענוג לאַנג. אַן א'ע װירקונג. ־יקייט.
אומדויערהאַפֿט(יק) — אַדי. װאָס האָט ניט
קיין האַפֿט אויף אַ לענגערער צײַט. א'ע
פֿרײַנדשאַפֿט. ← דפֿוו ־(י)קייט.
— .
אומדוכטן זיך — לד. ← אומדאַכטן זיך.
אומדולדזאַם — אַדי. דטשמ. װאָס מע קען
(װיל) ניט דולדן, טאָלערירן [בײַ גאָר, פּרץ].
־קייט — אייגנשאַפֿט אָדער אַרויסװײַז פֿון
ניט קענען פֿאַרטראָגן אָדער טאָלערירן. „אַז
די צען דינסט־יאָרן גייען אַװעק און [דער
ייִדישער אויסגעדינטער סאָלדאַט] װיל זיך אין דער

מיליטער־גרענעץ באַזעצן — דאָ טרעט אים
אַקעגן די א"', קמ, 1865, ll No.
אומדולן — אוטוו. דול אום, ~געדולט.
טומלען, אָנדולן אַ לענגערע ציַיט (אין
פֿאַרשיידענע ערטער). „גרויסע חבֿרה — און דולן
אום ווי קינדער!", רייד. ־עניש.
אומדורכבּרעכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דווו. „צום באַדויערן טרעפֿן מיר אָן אויף אַן
א'ער גלײַכגילטיקייט", טמז, 8 1963 I.
אומדורכבּרעכיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט דורכבּרעכן. א'ע פֿעסטונג, וואַנט.
־יקייט.
אומדורכגייאיק — אדי. נעאָל. וואָס מע קען
עס ניט דורכגיין. א'ער וואַלד. א'ער שטח.
־יקייט.
אומדורכגייבּאַר — אדי. דטשמ. נר. ← דפֿוו.
„האָבן...געלעבט אין...די א'ע שפּאַלטונגען פֿון
בּערג", ח"י בּ־ר איבז, סקיטאַלעץ, פֿעלד
געריכט, וואַרשע 1907.
ל - — ווייט .וי עג י
אומרדר
ן
כג — ר וו ג בּ

אַ צאָ דיעקטיוון ג ת.
ווערן ניט אויסגעטײַטשט. ← די
□ עלבּיקע אַדיעקטיוון אָן דעם
פּרעפּיקס אומ־.
אומדורכגעאַקערט — אדי.
אומדורכגעאַרבּעט — אַדי.
אומדורכגעבּויט — אַדי.
אומדורכגעבּויערט — אדי. אומדורכגעבּיסן —
אַדי. אומדורכגעבּראָכן — אַדי.
אומדורכגעבּרענט — אדי.
אומדורכגעגאַנגען — אַדי.
אומדורכגעדרונגען — אַדי.
אומדורכגעהייצט — אַדי.
אומדורכגעוואַנדערט — אַדי.
אומדורכגעוואַרעמט — אַדי.
אומדורכגע□
וואָרפֿן — אַדי. אומדורכגעוועבּט —
אַדי.
אומדורכגעזאַלצן — אַדי.
אומדורכגעזאַפּט — אדי. אומדורכגעזוכט —
אַדי. אומדורכגעזײַערט — אַדי. אומ־
דורכגעזעגט — אַדי. אומדורכגעזען
— אַדי. אומדורכגעזעצט — אַדי.
אומדורכגעטראַכט — אַדי.

אומדורכגעטריקנט — אַדי.

5(

אומדורכגעמאַכט — אדי. אומדורכ—
געמאָסטן — אַדי. אומדורכגעמישט
— אַדי.
אומדורכגענומען — אַדי.
אומדורכגענייט — אַדי. אומדורכגענעצט —
אַדי.
אומדורכגעפֿאַלן — אַדי. אומדורכ—

געאָר — אַדי. אוורכגעפּאָ
ן

אדמ— אַדי. אומדדרבּגע— רשט
ייִט — אַדי.
— —
דורכגעפירט — אַדי.

אומדורכגעפֿלאָכטן — אַדי.
אדמדורכגעצויגן — אַדי.
אומדורכגעקאָכט — אַדי.
אומדורכגעק דורבּגעק ומדדרבּגעקדקט —
אדי. ערט — אַדי.
דמ — אַדי.

אומדורכגעריבּן — אדי.
אומדורכגערײַזט — אדי. אומדורכגעריסן —
אַדי. אומדורכגערעדט — אדי.
אומדורכגעשוואומען — אַדי.
אומדורכגעשטאָכן — אדי.
אומדורכגעשניטן — אַדי.
אדמדורכרינגבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דווור. "אַן א'ע מחיצה טיילט אים אָפּ פֿון
פּרעזידענט", אָפּא, היבּרו. ־קייט.
אומדורכדרינגלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען

דורך דעם (אין דעם) ניט דורכדרינגען, דורכגיין,
דערגרונטעווען זיך. אַן א'ער סוד. אַן א'ער
פלאָנטער. "די ווילדע רויזנשטאָק־קוסטעס וועדן
נאָך א'ער פֿון דעם וואָס די יונגע
שפּראָצלינגען...זײַנען געדיכט באַזעצט מיט דערנדלעך",
ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמייל, געוויקסן.
2. וואָס מע קען ניט דורכנעמען מיטן בליק.
אַן א'ער שמייכל פֿאַרשטעלט זיך...אין איינער

. ,,

א'ע פֿרומע מאַסקע", אמד, אַלטע אידישע
זאַגען, ווילנע 1876.
3. ספּעצ. וואָס לאָזט ניט דורך קיין
פֿליסיקייט אָדער בכלל אַן אַנדער שטאָף. ,,אויפֿן
מאַטראַץ ווע▯.ט אויסגעשפּרייט אַן א'ער שטאָף
פֿון אַ גומי אָדער צעראַטע, און איבער דעם
▯--.-
אַ לײַלעך" פֿגעז, ווילנע 4 1925, No.

,

4. וואָס קען ניט פֿאַרנעמען דאָס זעלביקע
אָרט, וואָס איז שוין פֿאַרנומען דורך עפּעס
אַנדערס. ,,מיר האָבן געזען אַז דער רוים איז
א',,, זשיט II.
אומדורכדרינגלעכקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן

אומדורכדרינגלעך. „מילא, מיר האָבן דאָ געזען אַז
דער עיקר־צייכן פֿון די קערפּער זענען: די
רוים־אויספֿילונג און די א'“, ארז, קמ, 1865,
No 3.

אומדורכדרינגעוודיק — אַדי. דזוו
אומדורכדרינגלעך ←.

אומדורכזיכטיק — אַדי. וואָס מע קען ניט
דורכקוקן דורך דעם. א'ע שטאָפֿן
פֿאַרשמיר.
טע, א'ע פֿענצטער ־יקייט.

.

אומדזשענטלמעניש

אומדורכזעאיק — אַדי. נעאָל, סטוטש. וואַס
מע קען עס ניט דורכזען. אַן א'ער נעפּל.
־יקייט.

אומדורכזעעוודיק — אַדי. וואָס מע קען עס
ניט דורכזען (לויט דער טבֿע פֿון דער זאַך).
א'ע קריסטאַלן. א'ע טיפֿענישן פֿון ים. ־יקייט.

אומדורכלאָזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ◌. דוווו.

אומדורכלאָזיק — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט
ניט דורך (פֿליסיקייט, ליכט). א'ער האַרטער

קערפּער. ־יקייט.

אומדורכלאָזלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (דאַרף ניט) דורכלאָזן. א'ער גרײַז. ־קייט.

אומדורכלײַכטיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט דורכלײַכטן. אַן א, פֿינצטערניש. א'ער
מירמלשטיין. ־יקייט.

אומדורכלײַכטעוודיק — אַדי. נעאַל,
סטוטש. וואָס מע קען ניט דורכלײַכטן (לויט
דער טבֿע פֿון דער זאַך). א'ע תהומען.

אומדורכמעסטלעך — אַדי. נעאָל, סטוטש.
וואָס מע קען ניט דורכמעסטן. א'ע טיפֿענישן.

אומרורכמעסטעוודיק — אַדי. נעאָל,
סטוטש. וואָס מע קען ניט דורכמעסטן (לויט
דער טבֿע פֿון דער זאַך). א'ע געפֿילן.

או'מדו'רכנעציק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט דו□כנעצן. א'ער מאַנטל. ־יקייט.

או'מדו'רכפֿאָרלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט (אָדער ס'איז זייער שווער) דורכצופֿאָרן.
א'ע פֿאַרוואָקסענע וועגן ־קייט.

אומדורכסירבאַר — אַדי. דטשמ. נר. →
דוווו. ־קייט.
אומדורכפֿירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
דורכפֿירן. אַן א'ע אויפֿגאַבע, אַרבעט ־קייט
.
— די א, פֿון די שטרענגע באַפֿעלן.
אומדורכקוקעוודיק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
וואָס מע קען דורך דעם ניט דורכקוקן [נר, →
אומדורכזעאיק, ־זעעוודיק] פֿילצאָליקע א'ע
אַר.
כיור־מאַטעריאַלן.
או'מדו'רכרײַסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט דורכרײַסן. אַן א'ער פֿראָנט ־יקייט.
.
אומדורכשטודירט — אַדי. ניט־דורכ(גע)
שטודירט. א'ע פּראָבלעם. ־ערהייט — אַדוו.
אומדורכשײַנלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען עס ניט (לאָזט ניט) דורכשײַנען. א'ע
שטאָפֿן. → דוווו ־קייט.
.
אומדורכשײַנ(עווד)יק — אַדי. נעאַל,
םטוטש. וואָס מע קען עס ניט דורכשײַנען. אַן
א'ער מאַטעריאַל.
או'מדו'רכשניטלעך — אַדי. ניט־

דורכשניטלעך. ניט־געוויינלעך, וואָס איז העכער ווי
דער דורכשניט. א'ע פֿעאיקייטן. א'ער טאַלאַנט.
־קייט.

אומדורען — טרוו. ־רע אום, ~געדורעט. אַ
לענגערע צײַט (אָנ)דורען, ניט לאָזן צו רו,
צושטיין. א, יענעם דעם קאָפּ, א, אַ ספּאָדיק.
־עניש.

אומדזשענטלמעניש — אַדי. וואָס איז ניט
מעשׂה דזשענטלמען; אומאיידל, אומהעפֿלעך,
ניט־טאַקטיש, ניט־אײַנגעהאַלטן. בּאַגיין זיך א',
מעשׂה פּראָסטאַק. ־קייט.

אומדיאַלעקטיש

אומד אַלעקטיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
על־פּי אַ דיאַלעקט פֿון אַ לשון. „איך קען שרײַבּן
א', אָבּער רעדן מוז איך דיאַלעקטיש„, רייד.
2. וואָס איז ניט על־פּי אַ דיאַלעקטישער
סיסטעם אין פֿילאָסאָפֿיע. „חבֿר, איר טראַכט א',
ניט על־פּי דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם“.
־קייט.

אומדידאַקטיש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי
ווי דידאַקטיק ווײַזט אָן. א'ער אופֿן לערנען.
־קייט.

אומדײַטלעך — אַדי. 1. ניט־קלאָר,

ניטבולט. אומפֿאַרשטענדלעך. שרײַבן א', געדריידלט.
„די שווערע ענינים, וואָס ווערן א, געשריבן אין
די פֿאָריקע בלעטער‟, אמד, וויגדערקע דער
שטראז אינגעל, ווילנע 1872. 2. ניט אינגאַנצן
אָפֿן, סודותדיק. א, מרמז זײַן אויף עפּעס.
„אונדז געבן אַן א'ן סימבאָל פֿון אַ מעטאָדע,
לויט וועלכער די וועלט האָט געקענט באַשאַפֿן
ווערן‟, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע
פּרינ□ציפּן. □קייט — אַזוי פֿיל א'ן אין דעם
שווערן טעקסט.
אומדײַטשיש — אַדי. וואָס איז ניט
עכטדײַטש לויטן כאַראַקטער, גײַסט. ‟געווג
דײַטשישע נאַציאָנאַליסטן האָבן געהאַלטן הײַנען
פֿאַר אַן א'ן שרײַבער„ ־קייט.

.

אום דײַן ווילן — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. צוליב
דיר, אַדאַנק דיר. „אמרי זאָג נון מײַן שוועסטר
בישׂטו דאַרום עשׂ ווירט ביגיטיגט צו מיר אום
דײַנן ווילן אונ, זיא ווירט לעבן מײַן לײַב אום
דײַן ווילן‟, טח, בראשית, יב, 13.
אומדיכטעריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי
ווי בײַ אַ דיכטער, ווי מע ריכט זיך פֿון אַ
דיכטער. א'ע פּראָזאַאיזמען. „אָבער
געוואַלדגעשריגן: וואָס פֿאַר אַן א'ע אַטמאָספֿער

פֿאַרמאָגט אַזאַ ליד ווי...,,, י. י. בילעצקי, היימיש, אָדר א, תּשי,,ט. ,,מאַכט דער דיכטער אַ סך־הכּל פֿון די פֿינצטערע כּוחות וואָס בּאַהערשן די וועלט. בּײַ אַזאַ 'א'ער, טעמע איז פֿאַראַן די געפֿאַר פֿון...“, י. גאָלדקאָרן, אונזער צײַט, 1964, 5. ־קייט.

אומדיכען — אוטוו. ־כע אום, ~געדיכעט. אָטעמען שווער אַ לענגערע צײַט. ,,לאָזט אים זיך אָפּדיכען, זעט ווי ער דיכעט אום“. ־עניש.

אומד(י)נא — ← אומדנא.

אומדינאַמיש — אָדי. וואָס איז אָן אַקטיווער ענערגיע. א'ע אָנשטרענגונג. —קייט.

אומדינגען זיך — אוטוו. דינג זיך אום, זיך ~געדונגען. אַ לענגערע צײַט זיך דינגען, פֿאַרהאַנדלען וועגן מקח אָדער אַנדערע בּאַדינגונגען. א, זיך בּײַם קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, בּײַ פּאָליטישע פֿאַרהאַנדלונגען ־עכ ן ־עניש.

. .

אומדינלעך, ~דינעוודיק — אַדי. נעאָל, םטוטש. וואָס דינט ניט (טויג ניט). [נר, ← אומטויגעוודיק.]

אומדינען — אוטוו. דין אום, ~געדינט. דינען אַ לענגערע צײַט; בּאַדינען, דינען אַרום עמעצן. ,,זיי האָבן אומגעדינט זייער האַר דאָס גאַנצע

לעבן".

ומדיסטילירט — אַדי. ניט־דיסטילירט.
א'ער בראַנפֿן. א'ע געדאַנקען. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.

566

או'מדיסטינקטי'וו — אַדי. אומספּעציעל;
וואָס צייכנט זיך ניט אויס; וואָס איז אָן אַ
קלאָרן סימן פֿון אייגנטימלעכקייט אָדער
אַנדערשקייט. א'ע שטריכן פֿון פּערסאָנאַזש.
־קייט.

אומדיסטינקציע — די, ־ס. דאָס וואָס איז
אומדיסטינקטיוו; דאָס ניט־מאַכן (געפֿינען) קיין
אונטערשייד. א, אין דער סיטואַציע.

אומדיספּאָזיציע — די, ־ס. היפּוך פֿון
דיספּאָזיציע. 1. דאָס ניט־האָבן קיין נייגונג, קיין
חשק צו עפּעס. 2. געפֿיל אַז אין די אָרגאַנען
פֿון אייגענעם קערפּער איז עפּעס ניט ווי עס
געהער צו זײַן. „שפּירן מיר אָבער...די
שטערונגען...אין פֿאָרעם פֿון אַלגעמיינעם שלעכטן
זעלבסטגעפֿיל אָדער ווי אַ געוויסע א, און אַפֿילו
ווייטיקן,„ פֿגעז, ווילנע 8 1940, No.

אומדיספּוטירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע

קען וועגן דעם ניט דיספּוטירן, ניט פֿירן קיין
וויכּוח; וואָס מע קען וועגן דעם ניט האָבן קיין
אַנדער מיינונג פֿאַקטן זײַנען א, ־קייט.

. .

או'מדיסציפּלי'ן — די, ־ען. היפּוך פֿון
דיסציפּלין; אומאָרדענונג. (צע)שטערונג פֿון אַ
שטרענג־אײַנגעשטעלטן סדר. אונדזער
קלאָגעדיקע א'. שעדלעכע א, אין אַ קראַנקנהויז.
„שפּילעוודיקע א, פֿון אירע קינדערלידער“, יג,
תּוד.

אומדיסציפּלינירט — אַדי. 1. וואָס היט
ניט אָפּ (אָדער קען ניט) די אײַנגעשטעלטע
כּללים פֿון דיסציפּלין. א'ע תּלמידים. 2. ווילד,
הפֿקרדיק. א'ע זעלנערס ־קייט — „די
אומ.
אויפֿמערקזאַמקייט און א, פֿון אונדזער גרויסן
דיכטער“, שנ, דערציילערס און ראָמאניסטן II.

אומדיסקוטירבאַר — אדי. דטשמ. נר. ←
אומדיסקוטירלעך. „א, איז דער פֿאַקט אַז...“,
ש. ל. שנײַדערמאַן, טאָג, 7 IX 1962.

אומדיסקוטירט — אַדי. 1. ניט־דיסקוטיוט.
אָפּלייגן די א'ע פּונקטן פֿון סדר־היום. 2. פּאַר
אומדיסקוטירן ←. די פֿיל מאָל א'ע פֿראַגע.

אומדיסקוטירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע

קען ניט (עס לאָזט זיך ניט) וועגן דעם
דיסקוטירן (ווײַל ס'איז קלאָר, ס'איז בלי־ספֿקדיק).
„פֿאַקטן זײַנען א,“ ־קייט.

.

אומדיסקוטירן — טרוו. ־טיר אום, ~
דיסקוטירט. אַ לענגערע צײַט אָדער אַ צאָל מאָל
דיסקוטירן, באַטראַכטן, זיך מתווכּח זײַן. א, די
האַרבע פּראָבלעם אין אַלע קרײַזן.

אומדיסקוסירלעך — אַדי. ←
אומדיסקוטירלעך.

או'מדיסקרימינאַט'וו — אַדי. וואָס איז אָן
דיסקרימינאַציע. א'ע אורטיילן.

אומדיסקרימינאַציע — די, ־ס. היפּוך פֿון
דיסקרימינאַציע. 1. עגאַלקייט, גלײַכקייט אין
באַציִען זיך צו אינטערעסן (מיינונגען,
שטעלונגען, געשמאַקן) פֿון פֿאַרשיידענע צדדים.
אַרויסווײַזן א'. 2. ספּעצ. עגאַלקייט אין
באַציִען זיך צו פֿאַרשיידענע גרופּעס,
אומאָפּהענגיק פֿון זייער אָפּשטאַם, קאָליר פֿון הויט,
אמונה אאַ.

או'מדיסקרע'ט — אַדי. אינדיסקרעט; וואָס
ווערט ניט אויפֿגעהיט בסוד; ניט אָפּגעהיט מיט
אַ וואָרט. א'ע אַנטפּלעקונגען. א'ע

אָנצוהערעאו'מדירע'קט

נישן. ־קייט — אָפּזאָגן פֿון דער שטעל
פֿאַר א'.
אומדיסקרעציע — די, ־ס. טואונג אָדער
אַקט פֿון זײַן אומדיסקרעט. אַרויסוויַיזן א,.
איק, 19 ▯ 1959l I.
אומדיפּלאָמאַטיש — אַדי* וואָס איז ניט
אַזוי ווי בײַ אַ דיפּלאָמאַט, ניט אַזוי ווי מע
ריכט זיך פֿון אַ דיפּלאָמאַט. א'ע רייד. א'ע
אָפּנקייט. ,,זייער קול־יעקבֿ איז אַ ביסל צו הויך
און א'", יג, טמז, 21 1962 IX. ־קייט.
אומדיפּלאָמירט — אדי. וואָס האָט ניט
באַקומען קיין דיפּלאָם. א'ע פֿאָרשער.

▯

אומדיסערענצירט — אַדי. ניט־
אונטערגעשיידט. ,,וואָס טויגן אין דעם זעלביקן
קאָנטעקסט צווייערליי א'ע דעריוואַטן פֿונעם
אייגענעם ווערבאַלן שורש?", מ. שעכטער, ייִשפּ,
2 ▯ XI,. ־ערהייט — אַדוו. ,,קען מען
דאָס ניצן דיפֿערענצירטע פֿאָרמעס א, נישט

אָנרופֿן אַנדערש ווי פלאָנטערן“, מ. שעכטער, ייִשפּ, □ XI, 2 ־קייט.

□

אומדיפֿערענצירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט אונטערשיידן, דיפֿערענצירן. ממש א'ע שטריכן. ־קייט.
אומדיקטירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט דיקטירט. א'ע זאַצן. ־ערהייט — אַדוו.
או'מדירע'קט — אַדי. 1. ניט־דירעקט; ניטגלײַך; וואָס איז אויף אַן אומוועג; זײַטיק. א'ער וועג. א'ע דערגרייכונג. „קיינע דירעקטע און א'ע מניעות האָבן אים ניט געקענט צוריקהאַלטן,„ יובֿל־זבֿ לכּבֿוד דר, א□ מוקדוני. „עס איז געגנוג פֿאַר זיי פֿרישע לופֿט און די א'ע ווירקונג פֿון זונשטראַלן,„ פֿגעז, פּאַריז 1949, No 9.
א'ע פֿ ר אַ ג ע פֿראַגע וואָס איז אויסגע־־־
דריקט אין אַ בײַזאַץ. וועט ער קומען? — דירעקטע פֿראַגע; איך ווייס ניט (איך פֿרעג אײַך), צי וועט עד קומען — א'ע פֿראַגע. [נאָך אַן א'ער פֿראַגע קומט ניט קיין פֿרעגצייכן. צ י איז דאָ די כאַראַקטעריסטישע קאָניונקציע.]

א'ער צ י ט אַ ט — גענומען ניט דירעקט פֿון מחבר, נאָר פֿון אַ צווייטנס אַ בוך, וואו דער מחבר ווערט ציטירט. א'ע ר י י ד — רייד פֿון אַ צווייטער פּערזאָן וואָס נאָר זייער אינהאַלט, דער תּוכן ווערט איבערגעגעבן, אָבער ניט וואָרט בײַ וואָרט. [בײַ א'ע רייד זײַנען ניט נייטיק קיין ציטיר־צייכנס.]

א'ע ש ט ײַ ע ר ן — אַלע מינים שטײַערן חוץ פֿון הכנסה. „קאַרג האָבן זיי אַנדערע נתינות ווי אַ קאָפּשטײַער וכדומה, סײַ א, ווי צאָל פֿון סחורה“, קמ, 48 1865, No. „א'ע שטײַערן זײַנען אַזעלכע, ווען די מלוכה באַקומט ניט דאָס געלט פֿון יעדן בירגער באַזונדער, נאָר ערהאַלט דאָס, אַלס אַקציז“, ב. ב־קי, אונזערע פּאָדערונגען, זשענעוו 1905.

א'ער עלעקטרישער ש ט ר אָ ם = גייט אין פֿאַרקערטער ריכטונג. א'ע צ ע ט י י ל ו נ ג פֿון קעמערל = קאַריאָקינעטישע צעטיילונג (ביִאָלאָגיע).

2. וואָס קומט פֿאָר מיט דער הילף פֿון אַ פֿאַרמיטלער. א'ע פֿאַרהאַנדלונגען. „דער ווירוס קריגט זיך אַריבער פֿון קראַנקן אויף אַ

זונטן מענטש דורך פֿאַרשיידענע אופֿנים:
דירעקט...אָדער א, — דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון פֿאַראומרייניקטע זאַכן, וועש, שפּילצײַג, געשיר״, פֿגעז, פּאַריז l949, No l0־11. א'ע השפּעה, ווירקונג.
3. וואָס איז אָן אַ כּיוון, ניט־ווילנדיק. א, אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ קאָנפֿליקט. ־ערהייט — אַדוו. ,,אַ גרויס לויבּגעזאַנג איז אויסגעזונגען געוואָרן א', אין דער רעדע...,,, נ. גאָרדאָן, טמז, 15 X 1964. ־קייט.
אומדנא — [או'מדענע] די, ־ס. תּל, תּח. בּבֿא קמא, מא/א. דאָס בּערכדיקע אָפּשאַצן; דאָס טרעפֿן אויפֿן קוק די מאָס, די צאָל. א, לאַו כּלום הוא (דאָרטן) = אַן אויבּנאויפֿיקע שאַצונג ווערט ניט גענומען אין בּאַטראַכט. ,,איך פֿאַרלאַנג חשבּון און ער קומט מיט אַן א',,. ,, עלפּי א, וועט דער גרויסער ווערטערבּוך פֿאַרמאָגן אַ 200,000 ווערטער״.
או'מדעדוקטי'וו — אַדי. וואָס מע קומט ניט אָדער מע קען ניט קומען צו דעם אויפֿן סמך פֿון אַ לאָגישער דעדוקציע. א'ע בּאַווײַזן.
אומדעזינפֿיצירט — אַדי. ניט־דעזינפֿיצירט. א, קראַנקנצימער. ־קייט.

אומדעטאָנירט — אַדי. וואָס איז ניט
אויפֿגעריסן געוואָרן. אַן א'ע מינע. ־קייט.
או'מדעטערמינאַטי'וו — אַדי. וואָס איז
ניט (קען ניט זײַן) באַשטימענדיק אויף זיכער.
א'ע טעאָריע.
אומדעטערמינירט — אַדי. אומבאַשטימט
פֿון פֿאָרויס; פֿרײַ (וועגן מענטשלעכן ווילן).
„ספּינאָזאַ נעגירט אַז [דעם מענטשנס] פֿרײַהייט
איז א'", דווקא, No 46־47. ־קייט.
או'מדעליקאַ'ט — אַדי. ניט־דעליקאַט,
אומאיידל; (אָבער אויך ניט פּראָסט, מגושמדיק).
אַן א'ער ענטפֿער. א'ע אויפֿפֿירונג, באַרירונג.
„גאַנץ אָפּט שטעקט די סיבה אין דער א'ער
באַציאונג פֿון דעם מאַן" פֿגעז, ווילנע 1937,
— ,
No 12. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אום דע'ם — 1. אַנשטאָט א ו י ף דעם. *איך
שטיי ניט א, ד, = איך באַשטיי ניט אויף דעם,
איך עקשן זיך אויף דעם ניט אײַן. 2. וועגן
דעם. „דער פֿאָטער און מוטער ווי אויך די
גאַנצע משפּחה ריידן מיט איר א, ד, זייער
פֿיל", מרדכי און אסתּר, וואַרשע 1842. 3
פֿאַר.
בײַט די קאָנ כּ ד י. פֿטמ. איך פֿרעג א, ד',

איך זאָל וויסן.
אומדעמאָניש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
פֿאַרבונדן מיט אַ דעמאָן, טײַוול, ,גײַסט'. א'ע קולטן.
2. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ דעמאָן. ,,דער
דעמאָנישער שמייכל איז נאָר אַן אָנשטעל, ער איז
א''. רייד. ־קייט.
או'מדעמאָנסטראַטי'וו — אדי. וואָס איז
אָן דער כּוונה צו ווײַזן, אַרויסצושטעלן.
אײַנגעהאַלטן. א'ע האַנדלונג. באַטייליקן זיך א'.
טאָן עפּעס א'. ־קייט.
אומדעמאַסקירט — אַדי. וואָס פֿון דעם איז
די מאַסקע ניט אַראָפּגענומען (אַראָפּגעריסן).
אומאויפֿגעדעקט. וואָס די פֿאַלשקייט אָדער
רשעות פֿון דעם האָט מען ניט אויסגעפֿונען
אָדער ניט דערציילט פֿאַר דער וועלט. א'ע
אַפֿערע. א'ע שׂונאים. ־קייט.

אומדעמאָקראַטיע — די, ־ס.
געזעלשאַפֿטלעכע סיסטעם אָדער פּרינציפּ וואָס איז אַ
היפּוך
צו דעמאָקראַטיע. לעבן אין א'. די א, שטעקט
שוין אין דער הנחה.

אשדעמאָקראַטיש — אַדי. וואָס איז ניט
לויט פּרינציפּן אָדע ר פּירונגען פֿון דעמאָקראַטיע.
א, פּירן אַ זיצונג, ניט געבן קיין וואָרט דער
אָפּאָזיציע. „עס עקסיסטירט ניט בײַ אונדז דער
ניט־דערלאָזלעכער, א'ער, אומדירעקטער שטײַער
אויף פֿלייש", ימ, נײַס, קאָוונע 1923. ־קייט.
אומדענקבאַר — אַדי. דטשמ. 1. וואָס מע
קען וועגן דעם ניט דענקען. די א'ע אַטריבוטן
פֿון גאָט. 2. וואָס עס איז קוים (שווער,
אוממעגלעך) זיך פֿאָרצושטעלן אַז דאָס איז בנמצא,
עקסיסטירט. „פֿאַר פֿרומע ייִדן איז א, אַז אַ
ייִד זאָל ניט זײַן רעליגיעז" פֿאָר, 14 XII 1962.

,

א'ע פּײַניקונגען. ־קייט.
אומדענקלעך — אַדי. 1. נעאָל, סטוטש. צו
פֿאַרבײַטן אומדענקבאַר, ב1. 2. וואָס מע קען
ניט געדענקען. דזוו אומגעדענקלעך. „האָבן זיך
דאָרטן געלעבט פֿון א'ע צײַטן„, אמד, די
איידעלע ראכע, ווילנע 1875. ־קייט.
אומדענקעוודיק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
1. וואָס האָט אַ טבֿע ניט צו דענקען. א'ע
באַשעפֿענישן. 2. אומדענקלעך.
אומדענקפֿעאיק — אַדי. וואָס איז ניט
פֿעאיק צו דענקען. פֿאַרטעמפּטע א'ע מוחות.

־יקייט.

או'מדעסטרוקטי'וו — אַדי. ניט־
צעשטערעריש. מיט אַ בייזער כּוונה, אָבער דאָך א'.
־קייט.

אומדעספּאָטיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
ביי (פון) אַ דעספּאָט. א'ער פיר. זיין זייער
שטרענג, אָבער א'. ־קייט.

אומדעסקריבירט — אדי. ניט־דעסקריבירט.
אַן אַלטער א'ער דאָקומענט.

אומדעפּאָנירט — אדי. ניט אַריינגעלייגט אין
אַ באַנק, אין אַ קאַסע. א'ע געלט ־קייט.

.

-

אומדעסאָרמירט — אַדי. וואָס איז געבליבן
מיט (אין) דע . לכתּחילהדיקער פאָרעם. „די
פאַרשטיינערונג איז געבליבן א'„ ־קייט.

—

.

או'מדעפיניטי'וו — אדי. וואָס באַשטימט
ניט אויף קלאָר. אַן א'ער ענטפער. ־קייט.

-

אומדעסינירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט דעפֿינירט. אַן א'ער באַגריף. „א'ע באַשרײַבונגען פֿונעם בריאה־פּראָצעס,„ דווקא, No 46־47.
־קייט.

אומדעפֿינירלעך — אדי. נעאָל, מוו (1940). וואָס מע קען ניט דעפֿינירן, געבן אַ קלאָרע פֿאָרמל וועגן באַטײַט. די א'ע גרונטבאַגריפֿן פֿון אַ וויסנשאַפֿט. ־קייט.

אומדעצידירט — אַדי. אומבאַשלאָסן; וואַקלדיק. א'ע האַלטונג. ־קייט — „דאָס א, אין פּרט פֿון איבערגעבן דעם ניט־אַקצענטירטן און פֿאַרטונקלטן וואָקאַל,„ מ. שעכטער, ייִשפּ II י1, X.

אומדעציזיע — די, ־ס. דאָס וואָס בלײַבט אָן אַ באַשלוס, פּסק. „די בײַריכטערס האָבן זיך ניט געקענט אייניקן און דער ענין איז געבליבן אין א',„.

או'מדערבאַ'ר(ע)מיק

או'מדעקאָראַטי'וו — אַדי. וואָס איז אָן אַן אויספּוץ, אָן פֿאַרשענערונג. א'ער זאַל. א'ע פֿאַרשטעלונג ־קייט.

.

אומדעקאָרירט — אַדי. 1. פּאַר
אומדעקאָרירן ←. איבּערדעקאָרירט. א'ער זאַל. 2.
ניטדעקאָרירט. שפּילן אויף אַן א'ע בּינע. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.

אומדעקאָרירן — טרוו. ־ריר אום, ~
דעקאָרירט. דעקאָרירן פֿונדאָסנײַ; איבּערדעקאָרירן.
א, דעם אויפֿנעם־צימער, דאָס
אויסשטעלפֿענצטער —ונג.

.

אומדעקלינירט — אַדי. (גראַמ) ניט־געבּייגט.
א'ע אַדיעקטיוון. א□ע סובּסטאַנטיוון.

אומדעקלינירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
דעקלינידן. [,אַמעריקאַנער', 'ווילנער', '
וואַרשעווער, און אַנדערע מיט דעם סופֿיקס ־ער וואָס
קומט צו צו אַ נאָמען פֿון אַ שטאָט אָדער לאַנד
— זײַנען א'ע אַדיעקטיוון. סלאַוויזמען מיט
סופֿיקס ־נע זײַנען נאָך אין 19. י״ה געווען א'.
אין 20. י„ה זאָגן מיר: מיט דעם מאָדנעם מאַן,
מיט אַ מאָדנער פֿרוי.] ־קייט.

אומדער — ← אומדאַר. „און זאָל א, איז זין
האָבּן, ווען ער גייט אין די תּפֿילין, אַז ער האָט
אויף זיך די תּפֿילין בּיז ער לייגט זיי אָפּ...“,
רבּינו יונה איבּז, ספֿר היראה, לבֿוב 1851.

או□□ער־ — די וו□□ש□ר... ← ד□.

רט ר וואָס מ

גע

דעם ערשטן אות פֿון שטאַם.

פֿ[ינט ניט מיט

+

אומדעראָבערט — אַדי. דטשמ. נר. ניטאײַנגענומען; ניט־פֿאַרנומען פֿון שׂונא.

אומדעראַקערט — אַדי. וואָס מע האָט ניט צעאַקערט ביזן סוף. אַן א, שטיק פֿעלד.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

א מדעראַרבעט — אַדי. אומפֿאַרענדיקט אין פּראָצעס פֿון דער אַרבעט; אומשלימותדיק. אַן א'ער טייל פֿון אַ כמעט פֿאַרענדיקטער מאַשין.

אומדערבאַקן, ־באַקט — אַדי. 1. ניטדערבאַקן. א, ברויט. 2. אומפֿאַרענדיקט, אומשלימותדיק. אַן א, בוך. 3. גײַסטיק צוריקגעשטאַנען, דעפֿעקטיוו. אַן א, קינד ־קייט.

.

או'מדערבאַ'רעמדיק — אַדי. וואָס איז אָן דערבאַרעמונג; אומ(ב)רחמנותדיק, אַכזריותדיק. „סם פֿון שלאַנגען איז זייער ווײַן און א, [אין טעקסט: 'אַכזר'] פּיפּערנאָטער־גיפֿט“, תּי, דבֿרים, לבֿ, 33. „קאַלט און א, ווי פּײַן“, יהואָש, 'אַן

אַלט ליד'. „מיט מײַן סויט וויל איך אויסדריקן
מײַן שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער
פּאַסיווקייט מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו צו
דער א'ער אויסראָטונג פֿון ייִדישן פֿאָלק„,
אַרטור זיגלבוים [בײַם נעמען זיך דאָס לעבן].
־(די)קייט — „אויך האָסטו אין דיר צוויי
מידות: דערבאַרעמקייט און
אומדערבאַרעמקייט„, חה, 288.
או'מדערבאַ'ר(ע)מיק — אַדי. ← דפֿוו.
1. אַ פֿריִערדיקע פֿאָרעם פֿון אומדערבאַרעמדיק.
tבֿ, יבֿ/בֿ, פֿאַרטײַטשט 'אַכזר, — „אום דער
ברמגר“. מלל פֿאַרטײַטשט 'הקשיח בניה ללא
לה', (איובֿ, לט, 16): “אום ערבאַרמיג“. “און,
די קינגן תּלמירה וואַר זער אום דר באַרמיג
און'...זי אב שנײַדט מיט איר אייגני הענד דען

אומדערבאַרעמלעך

קאָפּ“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. „איז אָנגעקומען
אַ מלך אַן אומדערבאַרעמיקער אויף דער
מדינה“, נחב, 'מעשׂה מהז, בעטלערס'. „ווײַל
ער איז אַזוי אומדערבאַרמיק און וויל אים די
עבֿירה ניט מוחל זײַן“, לט2, לג/1.
2. וואָס מע דאַרף זיך אויף דעם ניט דער

באַרעמען. „ער גיבט...איר שפּײַז אויך צו דיא קינדר (עורבֿ) פֿון דיא ראבֿן דיא אין רופֿן, דען איין ראבֿ איז אונדרבֿרמיג“, סהמ, תּהלים, קמז, 9. „און די מידה פֿון קאַרגהייט זאָלסטו ניצן אויף די אומדערבאַרמיקע און די נאַרישע“, דוה, 290.

־יקייט — „און, דרום האָט ער זײַן און דער באַרמיקייט אויף (יהויכין) גיהאט, און, האָט אים זײַן גיפֿענקניס ניט װעלן גרינגרין“, צאינה, תּרגום שני. „דיא קהילות וואשׂ זענין ווארין דר שלאָגן מיט אום דער באַרמיקייט“, תּחנות ובֿקשות, [אָרט ?] 1787.

אומדערבאַרעמלעך — אַדי. 1. דזוו אומדערבאַרעמדיק ←. „די (בתולה) לויפֿט אים נאָך. ער זאַגט: גיא פֿון מיר אַדר איך שלאָג דיך און דער באַרמליך„, ספֿר מעשׂה נסים, [אַווע III]. ״איר זאָלט זיא ניט סיטן איין טויט איין און דער בּרמליכין“, צאינה, חורבֿן ביתהמקדש. [לויט אַ פֿאָרשטעלונג אַז דער מלאךהמות טוט אָן ספּעציעלע בגדים בײַם צונעמען די נשמה] ״דא שפּראַך הקבֿ״ה ווידר דען מלאך המות: גיא הין און, טוא דײַן קליידר אויז און, טוא דײַן און דר בּרמליכי קליידר אַן, דיא דו פֿלעגשׂט אַן צו טון, ווען דוא די לײַט איר

נשמה נעמשׂט“, מבּ, מעשׂה ר„ב. „זיי האָבּן מיך א, געשלאָגן„„ שארית יעקבֿ, וואַרשע תּרפּ“ד. 2. וואָס מע דאַרף אויף דעם זיך ניט דערבּאַרעמען. א'ער רוצח. ־קייט — רשעותדיקע א'. גערעכטע א'.

אומדערבּויט — אַדי. ניט־אינגאַנצן אויפֿגע.־בּויט. א'ע הײַזער. ־קייט.

אומדערבּייזערט — אַדי. נ□ט־אינגאַנצן אַרײַנגעבּראַכט אין מצבֿ פֿון כּעס, בּייזקייט. דער א'ער צדיק. ־קייט.

אומדערבּיסן — אַדי. ניט־אינגאַנצן אויפֿגעגעסן. אַן א'ענער עפּל, פּענעץ בּרויט אאַזוו. ־ערהייט — אַדוו.

אומדערבּליקט — אַדי. 1. ניט־דערזען. א'ע בּערגשפּיצן. 2. ניט־בּאַנומען, ניט משׂיג געווען. א'ע מעגלעכקייטן, כּוונות.

אומדערבּליקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט דערבּליקן, דערזען. א'ע שטערן. די א'ע ווײַט. ־קייט.

אומדערבּראָטן — אַדי. ניט־אינגאַנצן אויפֿגעבּראָטן. א'ענע קאָטלעטן. ־ערהייט — אַדוו.

אומדערבּראָכן — אדי. וואָס איז טיילווײַז נאָך געבּליבּן גאַנץ. א'ענע כּלים, אַן איבּערבּלײַבּ פֿון אַ פּאָגראָם.

אומדערבּרויזט — אַדי. וואָס איז ניט בּיזן
סוף דורכגעגאַנגען דעם פּראָצעס פֿון בּרויזן.
א'ער בּיר. ־קייט.
אומדערבּרוינט — אַדי. ניט־אינגאַנצן
פֿאַרבּרוינט. א'ע יאָדערן. —קייט.
אומדערבּרומט — אַדי. ניט־אינגאַנצן
אויסגעבּרומט. אַן א'ער ניגון. ־קייט.

568

אומדערגאַנגען — אַדי. 1. ניט־דערגאַנגען.
די א'ע צום שפּיץ פֿון בּאַרג. 2.
אומדערגרייכט. א'ער צום לעצטן עקזאַמען. 3.
אומאַנטוויקלט, צוריקגעשטאַנען. אַן א'ער בּחור.
אומדערגאַנצט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געמאַכט פֿולקום גאַנץ. א'ע קאָלעקציע. ־קייט.
אומדערגאַנצלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט דערגאַנצן. א'ע בּלויזן אין אַלטן
מאַנוסקריפּט. ־קייט.
אומדערגאָסן — אַדי. וואָס איז ניט אָנגעפֿילט
געוואָרן בּיזן סוף. מע קען ניט מאַכן קיין
קידוש אויף אַן א'ענעם כּוס ווײַן. ־ערהייט
— אַדוו.
אומדערגאַרבּט — אַדי. וואָס מע האָט ניט

פֿאַרענדיקט אויסגאַרבן. א'ע רוילעכע פֿעל. ־ערהייט — אַדוו.

אומדערגעסן — אַדי. וואָס מע האָט מפֿסיק געווען בײַם עסן אָדער ניט פֿאַרענדיקט עסן. איבערלאָזן דעם מאָלצײַט א'. ־ערהייט — אַדון.

אומדערגראָבן — אַדי. ניט אויסגעגראָבן ביזן סוף. א▯ענע רעשטן פֿון אַן אַלטן טעמפּל. ־ערהייט — אַדוו.

אומדערגראַמט — אַדי. וואָס בײַם סוף האָבן געפֿעלט גראַמען. אַן א'ע סטראָפֿע. ־קייט.

אומדערגרונטעוועט — אַדי. וואָס מען איז צום גרונט ניט דערגאַנגען; וואָס מע האָט ניט אויסגעפֿאָרשט. דער ענין איז געבליבן א'. „א'ע פֿאָרשונגען„, ש. ל. שנײַדערמאַן, טאָג, 7 IX 1962. ־קייט.

אומדערגרייכבאַר — אדי. דטשמ. נר. ← אומדערגרייכלעך. ־קייט.

אומדערגרייכט — אַדי. ניט־דערגרייכט. א'ע צילן, אַמביציעס. „האָט געהערשט...די א'ע תּאווה„, באַש, פֿאַר, 18 IX 1964. ־קייט.

אומדערגרייכלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט דערגרייכן. א'ער אידעאַל. „דער לעצטער

אויסגעדמיונטער אַרויספֿלי צו דער א'ער פֿרײַהייט“,
□tמחה סנה. □קייט.

אומדערדראָשן — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט דרעשן. א'ענע תּבֿואה ־קייט.

—

.

אומדערהאַלטן — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט באַקומען, איז ניט אָנגעקומען. א'ענע בריוו.
2. וואָס מע האָט ניט געהאַלטן ביזן סוף. א'ענע קאָרט.

אומדערהאַקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט אויסהאַקן. אַן א'ער וואַלד ־קייט.

.

אומדערהויבן — אַדי. ניט־דערהויבן. „דער רעדנער האָט אונדז געזאָלט דערהייבן, אָבער דער עולם איז געבליבן א'„, רייד. ־קייט.

אומדערהייכט — אַדי. וואָס איז געמאַכט געוואָרן ניט גענוג הויך. א'ער אָנשיט.

אומדערהייצט — אַדי. ניט־אויסגעהייצט ביזן סוף, וויפֿל ס'איז נייטיק. א'ע שטוב. ־קייט.

אומדערהערבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. ← אומדערהעריק.

אומדערהערט — אַדי. 1. ניט־דערהערט. דער א'ער רוף. 2. סקאַנדאַליעז, הימל־

שרײַענאָדמדערוואַרעמט

דיק. „מע באַדאַרף...גרייט זײַן אויף דעם גרויסן געפּילדער איבער אַזאַ א'ער זאַך„, ממוס, אַ סגולה.... „[דע] ריכטער האָט באַצייכנט די קלאַגעס אַלס א'„ טמז, 9 1961 XII.

3. וואָס איז פֿריִעד ניט געווען. „און די פּאַסירונגען יאָגן שנעל איינע די אַנדערע.

צײַטונגען גיבן אַרויס — אַן א'ע זאַך אין דער שוויי ו — עטלעכע מאָל אַ טאָג 'עקסטראַס'", זשיט III ו.

קייט — "אַזאַ חוצפּה! אַזאַ א'„ רייד.

אומדערהעריק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט דערהערן. א'ע סיגנאַלן פֿון דער ווײַט. —יקייט.

אומדערהרגעט — [...האַרגעט] אַדי. וואָס האָט (שווער) געליטן, אָבער דאָך ניצול געוואָרן פֿון טויט (הריגה). אַרויס פֿון פּאָגראָם אַן א'ער קאַליקע.

אומדערוואויגן — אַדי. וואָס איז ניט געוואויגן ביזן סוף אָדער וויי ניקער וויפֿל מע דאַרף, וויפֿל ס'איז ריכטיק פֿרגל ~דערמאָסטן.

—

.

־קייט.
אומדערוואוסט — אַדי. וואָס ביז איצט
ווייסט מען ניט. „די סיבה פֿון מאָרד איז
געבליבן א'". ־קייט.
אומדערוואַכט — אַדי. 1. ניט־אויפֿגעכאַפּט.
ניט־אויפֿגעוועקט. א'ער היטער. א'ע ליבע.
2. ניט גרייט צום קאַמף; אַפּאַטיש. א, צום
אויפֿשטאַנד. —קייט.
אוס דער וואָכן — אַדוו. אַרכ. אינדערוואָכן.
"און די תּקנה איז, ווען ראָש־השנה געפֿאַלט א,
ד וו', האָבן די חכמים געבאָטן צו בלאָזן
שופֿר", מחזור לראָש השנה, סלאַוויטע 1832,
נב/
א.
אומדערוואַקסן — אַדי. 1. ניט־דערוואַקסן.
יונג. אַן א'ענער זון. א, קאַרליקל. 2. וואָס איז
ניט ראוי (ניט געננוג אַנטוויקלט). א, צו
פֿאַרנעמען אַזאַ אַמט. ־קייט — „די
לײַכטזיניקייט איז אַ פּועל־יוצא פֿון א'".

אומדערוואַקסנשאַסט — די, ־ן. נעאָל. מצב
פֿון זײַן אומדערוואַקסן; צײַט, תּקופֿה ווען מען

איז אומדערוואַקסן. „די א, ציט זיך בײַ אים שוין
צו לאַנג„. “טאָן עפּעס לײַכטזיניק אין דער א"“.
אומדערוואָרגן — אַדי. וואָס איז שיִער ניט
אומגעקומען פֿון וואַרגן. בלײַבן א, על־פּי נס.
אומדערוואַרט — אַדי. ניט־דערוואַרט,
אומגעריכט. „די טיר האָט זיך פּלוצלינג געעפֿנט
און [ע□] איז א, אַרײַנגעקומען„, ספּ, ייִדישעך
קאָלאָניסט. „דאָס איז אַרויסגעקומען
אינסטינקטיוו, א„ להיפּוך צו אַלע טעאָריעס און
אָפּמאַכונגען“, זשיט IX, נ"י 1919.
־קייט — „אַלץ א'ן וואָס דראָען יעדן
שריט„, אַל, 'מײַן קאַראַוואַן„. „א'ן זענען
מעגלעך, קומען נישט זעלטן פֿאָר אומגעריכט“,
לע, טמז, 28 □1963 III.
אומדערוואַרעמט — אַדי. וואָס מע האָט
געוואַרעמט, אָבער ניט ביז דער נייטיקער
מדרגה. א'ע וועטשערע. 2. גײַסטיק,
נשמהדיק ניט גענוג אָנגעוואַרעמט. בלײַבן א, פֿון
דעם האַרציקן רוף צו געבן צדקה. ־קייט.

אומדערווידערדיק

אומדערווידערדיק — אַדי. 1. וואָס איז ניט
דערווידער. ניט־צוגעגעסן. א'ע שפּײַזן. 2. דזוו

אומדערווידערלעך ←.
אומדערווידערט — אַדי. וואָס מע האָט ניט אָפּגעפֿרעגט. א'ע ראַיה.
אומדערווידערלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט דערווידערן פֿאַרניינען, זאָגן קעגן דעם, אָפּפֿרעגן. „דער א'ער אינדיווידואַליזם“, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929 ־קייט.
אומדערוויזן — אַדי. וואָס מע האָט בֿיז איצט ניט דערוויזן. א'ענע באַשולדיקונג. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
אומדערווײַזלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט דערווײַזן. א'ע השערות. „איידער מיר ווען וויסן עפּעס מער,...קענען דאָ מער ווי א'ע סבֿרות ניט זײַן“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־קייט.
אומדערווײַטערט — אַדי. 1. ניט־באַזײַטיקט. א'ע שטערערס. 2. וואָס מע האַלט אָדער וואָס איז געבליבן נאָענט. א'ע קרובֿים. א'ע חבֿרים פֿון די קינדעריאָרן.
אומדערוויילט — אַדי. ניט־אויסגעקליבן (בײַ וואַלן) פֿאַרבלײַבן א'. זיך ברוגזן ווי אַן א'ער.

·

־קייט — „שוין דורכגעלעבּט א'ן, אָבּער אַזוי דורכפֿאַלן ווי דאָס מאָל!“, רייד.

אומדערווישט — אַדי. ניט־געכאַפּט; ניטדערטאַפּט. ניט־אויפֿגעדעקט. א'ער שווינדלער. א'ע געגנבֿעטע סחורה. ־קייט.

אומרערוועקט — אַדי. ניט־אויפֿגעוועקט. א'ע גלוסטענישן. „א'ע ליבּע“, ווינטש II ֯, נ„י 1927.

אומדערוועקלעך — אַדי. נעאַל, סטוטש. וואָס מע קען ניט דערוועקן. אײַנשלאָפֿן אַן א'ן שלאָף. אַן אַפּאַטישע, א'ע מאַסע.

אום דערום — אַדוו. פֿטמ. [פֿאַרשפּרייט אין לד]. דזוו דערום. א, ד, טאַקע האָבּ איך...

אומדערזאָגט — אַדי. 1. ניט־דערזאָגט. א'ע דרשה. 2. וואָס דער פֿולער ווערט (זינען, בּאַטײַט) פֿון דעם ווערט ניט־אינגאַנצן אַרויסגעזאָגט. דאָס א'ע לויבּן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „די א, פֿון דעם ליטווישן ייִד און די איבּערגעטריבּנקייט פֿון דעם פּוילישן“, רייד.

אומדערזאַלצן — אַדי. 1. וואָס איז געזאַלצן ווייניקער ווי ס'דאַרף זײַן. אַן א'ענער מאכל. 2. וואָס איז אָן אַ טעם, פֿלאַך, שטומפּיקלעך.

א'ענע באַנקעט־דרשה. א'ענער בן־יחיד. ־קייט.
אומדערזונגען — אַדי. 1. ניט־דערזונגען. אַן א, ליד. 2. אומדערזאָגט. א'ע לויבווערטער. ־קייט.
אומדערזײערט — אַדי. וואָס מע האָט געזײערט ניט ביזן פֿאַרזײערן. א'ע אוגערקעס. ־קייט.
אומדערזעאיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט דערזען. א'ע מיקראָבן, באַצילן, ווירוסן אע. ־יקייט.
אומדערזעבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. □. דפֿוו.
אומדערזעטיקט — אַדי. וואָס ווערט ניט אינגאַנצן זאַט; אומגעשטילט, אומבאַפֿרידיקט.

569

„באַהערשט פֿון אַ געפֿערלעכן און א'ן לוסט צו מאָרד“, טמז, 1 IX 1962. ־קייט.
אומדערזעטלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט זאַט מאַכן. זײַן א,. אַן א'ער אַפּעטיט. 2. (וועגן געפֿיל, באַגער, תּאווה) וואָס איז אַזוי גרויס, שטאַרק אַז מע קען עס ניט באַפֿרידיקן. א'ע תּאוות. א'ע קאַרגשאַפֿט. „ניו־יאָרק...די

אייביקע טומלערקע, די שטענדיקע א'ע שרײַערין",
לע, טמז, 2 1963 X.
־קייט — אַן אומגעזונטע א'. „אַ חיהשע
א,", ייִט, טאָג, 1961 ▯ 27.
אומדערזען — אַדוו. פּפּ: ~דערזעען. אדי —
בּלויז ~דערזעען. 1. וואָס מע דערזעט ניט.
אַן א, בּילד. א אַרײַנגעקומען. א אַרויסגיין.

זיך אַרויסגנבֿענען אַן א'ענער. 2. וואָס מע
קען ניט דערזען. "די אמתע פֿאָרעם פֿון
מענטשלעכן זײַן [וואָס] איז א', אומפֿאַרשטאַנען,,.
—זעענערהייט — אַדוו.
אומדערזעעוודיק — אַדי. דזוו
אומדערזעאיק, נאָר אַרויסגעהויבּן אַז דאָס איז אַ
שטענדיקע אייגנשאַפֿט. א'ע ווײַטן. א'ע שטערן.
אומדערזעצלעך — אַדי. 1. דטשמ [פֿון
'אומערזעצלעך,], נר. וואָס מע קען ניט ממלא
זײַן. „די פּטירה — אַן א'ע אַבֿידה פֿאַר דעם
ייִדנטום", טמז, 2 .1 1957 XII. נעאָל. וואָס
מע קען ניט דערזעצן בּיזן סוף. א'ער טעקסט,
מאַנוסקריפּט.
אומדערהשבּונט — [...כעזשבּנט] אַדי.
ניטאויסגעחשבּונט בּיזן סוף. א'ער סך־הכּל.
▯ קייט.

אומדערטאַנצט — אַדי. ניט־אויסגעטאַנצס
ביזן סוף. די איבערגעריסענע א'ע האָראַ.
־ערהייט — אַדוו.
אומדערטאַפּט — אַדי. ניט־געטאַפּס ביזן
סוף. ניט־געכאַפּט. א'ע קאָנטראַבאַנד־סחורה.
־ערהייט — אַדוו.
אומדערטל▯עט — אָדי. ניט־אינגאַנצן
אויסגעטליִעס. א'ע פֿײַערלעך. א'ע נקמה־געפֿילן.
־קייט.
אומדערטראָגן — אַדי. 1. ניט־דערטראָגן
ביז דעם געוואונטשענעם אָרט. א'ענע שטיינער.
2. ניס־דערטראָגן ביז דער געוואונטשענער צײַט.
אָפּגעבן דעם א'ענעם מאַנטל. 3. ספּעצ. וואָס
איז געבאָרן געוואָרן פֿאַר דער צײַט, ניט
אויסגעטראָגן געוואָרן ביזן סוף אין דער
מוטערטראַכט. אַ זיבעלע אַן א'ס ־ערהייט —
.
אַדוו.
אומדערטראַכט — אַדי. וואָס מע האָט וועגן
דעם ניט געטראַכס ביז צו אַן אויספֿיר. אַן
א'ער געדאַנק. ־קייט.
אומדערטרונקען — אַדי. 1. וואָס מע האָט
ניט אויסגעסרונקען ביזן דנאָ. אַן א'ע גלאָז
מילך. 2. וואָס מע האָט געהאַט בדעה צו

דערטרענקען און ניט דערטרונקען. איין א,
הינטעלע. א'ע פֿלעשער שווימען איבערן טײַך.
־ערהייט — אַדוו.
אומדערטרעגלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
אָדער איז זייער שווער צו דערטראָגן,
איבערצוטראָגן, פֿאַרטראָגן. א'ער ווייטיק. א'ע זאָרגן.
,,שטיקנד, א, איז די לופֿט“, י. באָוושאָווער, ג ר

אומדערלייענט

קליבענע לידער, מאָסקווע 1931. ,,דער יאָך...איז
פֿײַנלעכער און אַמאָל אויך א, און טראַגיש“,
ימ, קוד, 1938. “מענטשן וואָס קרענקען אויף
פּעלאַגרע קלאָגן זיך אויף אַן א'ן ברענען פֿון
די פֿאָדעשוועס,,, פֿגעז, פּאַריז 8 1949, No.
־קייט — א, פֿון דעם שווערן אָנוועהר.
אומדעריאָגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ← אומדעריאָגיק.
אומדעריאָגט — אַדי. וואָס מע האָט געיאָגט,
אָבער ניט אָנגעיאָגט. א'ער רײַטער. א'ע
לערןפּראָגראַם.
אומדעריאָגיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט דעריאָגן (דערגרייכן). א'ע פֿערד. א'ע צילן.
א'ער אַמעריקאַנער לעבנס־סטאַנדאַרד. ־יקייט.

אומדערכעסט — [...קאַ'עסט] אַדי. וואָס מע
האָט ניט אַרײַנגעבראַכט אין כּעס. א'ער רבי.
אומדערלאָזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
,,געוואַגט אַרויסצוטרעטן מיט גראָבסטע א'סטע
אָנפֿאַלן‘‘, סאָוו צ, [נש, ישפּ, 3 (10)]. ‘‘האָט
אויף אַזאַ א'ן אופֿן זיך אַרײַנגעמישט אין די
ענינים‘‘, טמז, 1964 ▯י21 I. ־קייט.
אומדערלאָזלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף, טאָ▯) ניט דערלאָזן (פֿון שטאַנדפּונקט
פֿון געזעץ, מאָראַל). א'ע רייד, מעשׂים. ,,אָט
קומען פֿאָר אַזוינע א'ע זאַכן: עדות פֿון ייִדן
ווערן ניט גענומען אין באַטראַכט,,, י▯ נײַס,
קאָוונע 1923. ,,עס זײַנען דאָ ספּאָרטן
דערלאָזלעכע און א'ע אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד
פֿון קינדס לעבן‘‘ פֿגעז, ווילנע 5 1938, No.

,

־קייט — ‘‘די פּאָליציי קוקט אין אַ זײַט און
זעט ניט די א'ן,,, רייד.
אומדערלויבט — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ
דערלויבעניש. אַוועק (קומען) א'. 2. וואָס איז
פֿאַרווערט פֿון דער מאַכט. אַן א'ע פֿאַרזאַמלונג.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומדערלויבלעך — אַדי. נעאָל. וואַס מע

קען (דאַרף, טאָ) ניט דערלויבן. א'ע מעשׂים.
אַן א'ער אופן צו פֿירן אַ דיסקוסיע ־קייט.
—
.
אומדערלייגט — אַדי. ניט־דערלייגט. וואָס
מע האָט ניט צוגעגעבן, עס זאָל זײַן גאַנץ.
געהעריק. דאָס א'ע געלט. א'ע שׂכירות. א, צו
דעד וואָג.
אומדערליידיקט — אַדי. דטשמ.
אומפֿאַרענדיקט. ניט־דורכגעפֿירט. א'ע ענינים.
אומדערלײַדלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
דערלײַדן, פֿאַרלײַדן, פֿאַרטראָגן. א'ע היצן. א'ע
נודנאָטע.
אומדערלייזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
מע קען ניט, וואָס לאָזט זיך ניט באַשיידן,
געפֿינען אַן ענטפֿער, אַן אויסוועג פֿאַר דעם. א'ע
מיסטעריע. „די אַלע, וואָס רעדן וועגן טיפֿע א'ע
חלוקי־דעות אין דער איצטיקער רעגירונג,,,
סאָוו צ, [נש, ישפּ, 3 (10)].
אומדערלייזט — אַדי. וואָס איז ניט דער
לייזט, אויסגעלייזט. בלייַבן אין א'ן גלות.
־קייט.
אומדערלייזלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט דערלייזן, אויסלייזן. א'ע אַחריותן. ־קייט.
אומדערלייענט — אַדי. ניט־געלייענט ביזן

סוף. א'ע ביכער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומדערלע'בט

אומדערלע'בט — אַדי. וואָס מע האָט ניט דערלעבט. א'ע האָפֿענונגען. א'ער נחת.

אומדערלערנט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט באַקומען קיין פֿולע בילדונג. געלערנט און אַרויס א'. 2. ניט־דערפֿאָרשט. א'ע נאַטור דערשײַנונגען. 3. ניט־דורכגעלערנט ביזן סוף. א'ע פּאָעמע. ־קייט.

או'מדערמאַ'כט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט. א'ע אַרבעט. ־ערהייט — אָדוו. ־קייט.

או'מדערמאָ'לט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט אויסמאָלן I & II ←. א'ער פּלויט. א'ע קערנער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מדערמאַ'נט, ־מאָנט — אַדי. [מיט אָ אין לד, מיט אַ אין אַלע אַנדערע דד.] 1. וואָס איז ניט אַרויסגעבראַכט אָפֿן, דורך ווערטער. ,,א, בלײַבט אומבאַקאַנט,,, שוו. א'ע טענות. *א, זאָל עס זײַן (ווערן) — געניצט בײַם רעדן וועגן צרות, חרפּות אָדער וועגן ניט־גוטע. ,,די מגיפֿה, א, זאָל זי זײַן, האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן“. ,,יענע חבֿרה־לײַט, די לאַפּיטוטן, א, זאָלן זיי בלײַבן, האָבן...,,. 2. וואָס מע האָט פֿאַרגעסן,

זיך ניט דערמאָנט. די א'ע עפּיזאָדן פֿון די יונגע יאָרן. 3. היפּוך צו דערמאָנט; ניט־אָנגעוויזן. ניט־ציטירט. „בײַם פּובליקירן די מאַטעריאַלן וועט קיינער פֿון די זאַמלער נישט בלײַבן א'„, ייִפֿאַ, 1938, 5.

־ערהייט — אַדוו. לאָזן די עוולה א'. ־קייט.

אומדערמאָסטן — אַדי. וואָס איז גיט געמאָסטן ביזן סוף אָדער ווייניקער פֿון דער נייטיקער מאָס. *לעבן פֿונעם אומדערוואויגענעם און א'ענעם — פֿון פֿאַלשער וואָג און פֿאַלשער

--

מאָס. ־קייט.

אומדערמוטיקט — אַדי. וואָס מע האָט דעם ניט צוגעגעבן מוט; וואָס האָט ניט באַקומען מוט. נאָך אַלע גוטע צוזאָגן בלײַבן א'.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומדערמונטערט — אַדי. וואָס איז ניט אַרײַנגעבראַכט אין אַ שטימונג פֿון אַקטיווקייט אָדער פֿריילעכקייט. „מוזיק און משקה — און ער זיצט אַ פֿאַרכמורעטער, אַן א'ער“. ־קייט.

אומדערמידלעך — אַדי. 1. וואָס מאַטערט ניט אויס ביז צו אַזאַ מדרגה, מע זאָל זיך אָפּזאָגן (כאָטש עס איז שווער). א'ע אַרבעט. א'ער אַרבעטער. 2. שטאַרק אָנגעשטרענגט און מיט

אַ קלאָרן ציל. פֿאַרעקשנט. א'ע באַמיאונגען,

אָנ

שטרענגוונגען. אַן א'ער פשרה־מאַכער,

שלומזוכער. „די קראַנקנשוועסטער זײַנען געווען...

א, אין זייער אימפּעט...צו באַקומען

מעדיקאַמענטן“, פֿגעז, פּאַריז 3 l949, No. „נאָר מיט

שווייס און דער מי דער א'ער„, אַל III [אין

טעקסט: „אונערמידלעכער“, דטשמ]. ־קייט.

אומדערמינטערט — אַדי. וואָס איז

געבליבן אין (אָדער ניט אינגאַנצן אַרויס פֿון)

מצבֿ פֿון חלשות. ער ליגט נאָך אַן א'ער.

[פֿרגל ~דערמונטערט.] ־קייט.

או'מדערמי'שט — אַדי. וואָס מע האָט ניט

אינגאַנצן דורכגעמישט, צונויפֿגעמישט. א'ער

צוקער אויפֿן דנאָ פֿון טעפּעלע קאַווע.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מדערנאָ'גט — אַדי. וואָס מע האָט ניט

5'

אויסגעזויגן, אויסגענאָגט ביזן סוף. אַן א'ער

מאַרכביין ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

. .

אומדערנידעריקט — אַדי. ניט־
דערנידעריקט. ,,זײַן כּבֿוד און אָנזען בלײַבן א, נאָך די
אַלע מיאוסע אָנפֿאַלן,,, רייד ־קייט.
.
אומדעתייט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
באַוויזן אָדער בכּיוון ניט פֿאַרענדיקט נייען. אַן
א'ער מלבּוש. ־ערהייט — אַדוו.
אומדערנענטערט — אַדי. ניט־געמאַכט
נעענטער, גענוג נאָענט. ,,נאָך די אַלע פּרוּוון צו
פֿאַרריכטן דעם ריס, זײַנען די צדדים פֿאַרבליבן
א''. ־קייט.
או'מדערנע'רט — אַדי. אויסגעהונגערט,
ניטגעשפּײַזט ביז צו דעם נייטיקן מינימום. א'ע
יתומים. ־קייט.
אומדערענדיקט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט
ביזן סוף. איבערלאָזן אַן אַרבעט אין מיטן, א'.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,די א'ן
הענגען ווי צויטן,,.

אומרערעסנט — אַדי. וואָס איז טיילווײַז
געבליבן פֿאַרמאַכט. ,,די טיר איז א', אויף
אַרײַנצוקוקן אָבער ניט אַרײַנצוגיין,, ־קייט.

.

אומרערפּאָמפּעט — אַדי. ניט אינגאַנצן אָנגעפּילט אָדער אויסגעלײדיקט מיט אַ פּאָמפּע. א'ער באַסיין. א, וואַסער. א'ע פּילקע, ראָד.

אומדערפּאָסן — אַדי. ניט־דערשלאָפֿן. גראָבלעך. איבערגעזשליאָקעט און א'.

אומדערפּודערט — אַדי. ניט אינגאַנצן אָדער ניט אַלץ באַפּודערט. אַן א, פּנימל.

אומדערפּויזעט — אַדי. וואָס איז פּויזענדיק, קריכנדיק, ניט צוגעקומען צום רעכטן אָרט. די אומדערגאַנגענע און א'ע.

או'מדערפּויקט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט קלאַפּן אויפֿן (אין) פּויק. אַן א'ער מאַרש. 2. אומאויסדערציילט מיט אַ טראַסק. א'ע נײַס.

או'מדערפּו'צט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט געפּוצט ביז דער נייטיקער מדרגה. א'ע שיך. א'ער זאַל. 2. (גנבֿים־שפּראַך) ניט־געכאַפּט. אַרומגיין אַן א'ער פֿראַנק און פֿרײַ־ערהייט — אַדוו. פֿאַרקויפֿן אַ דאַמענהוט א'.

אומדערפּײַקלט — אַדי. דזוו אומדערפּויקט

בּ1, נאָר אויף אַ קליינעם פּויק.
אומדערפֿינטלט — אַדי. ניט־אינגאַנצן באַפֿינטלט. א'ער טייל פֿון אַ טאַבעלע.
אומדערפֿלאַפּלט — אַדי. וואָס מע האָט וועגן דעם געפּלאַפּלט, אָבער ניט אויסגעפּלאַפּלט ביזן סוף. א'ע רכילותלעך.
אומדערפֿרעגלט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט פֿרעגלען. א'ע פֿיש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומדערפֿרעסט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט פֿרעסן. א, העמד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומדערפֿאָלג — דער, ־ן. היפּוך פֿון דערפֿאָלג; דורכפֿאַל, אָנווער, מפּלה. "דער חבֿר איז געבליבן די מאָס פֿון זײַנע א'ן, מיט אים האָט ער כּסדר זיך געמאָסטן",,, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאי [עך.

אומדערפֿעפֿערט
אומדערפֿאָלגיק — אַדי. נעאָל, סטוטש. וואָס איז אָן דערפֿאָלג. אומגעראָטן, אומגעלונגען. א'ע באַמיאונגען. א'ע אונטערנעמונג. ־יקייט.
אומדערפֿאָלגלעך — אַדי. נעאָל. וואָס קען ניט האָבן קיין דערפֿאָלג. גרויסע, אָבער א' פּלענער. ־קייט, װבֿ ראָכקינד־שקליאַר.

אומדערפֿאָלגרײַך — אַדי. וואָס האָט
ניט קיין דערפֿאָלג; ניט־רײַך אין דערפֿאָלג.
א'ע באַמיאונגען.

אומדערסאַרן — אַדי. דטשמ (אָפּט געניצט).
אומגעניט. זײַן א, אין אַן אַרבעט; א, אויפֿן
נײַעם אַמט [יאָד האָט פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרבײַטן
מיט ~דערפֿאָרן] פֿרייך...איז...אַן א'ענער, אַ
. „
נײַלינג, אַ לערן־ייִנגל, אַ יאָלד“, ריבֿ, ייִשפּ
II יִ2 ,X. ־ערהייט — אַדוו. זיך נעמען צו
עפּעס א,.

-

אומדערסאָרן — אַדי. 1. ניט־דערפֿאָרן. דער
א'ענער שטח איז גרעסער ווי דער
דורכגעפֿאָרענער. 2. דזוו אומדערפֿאַרן ←. 3. ניט־גענוג
אַנטוויקלט; צוריקגעשטאַנען. עפּעס אַן א'ענע
פּראָווינצער מיידל. ־קייט — אומגעניטקייט.
די א, ווײַזט זיך אַרויס אויף שריט און טריט.

-

אומדערסאָרשבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ← אומדערפֿאָרשלעך.

-

אומדערסאָרשט — אַדי. ניט־אויסגעפֿאָרשט
בּיזן סוף. ,,געזאַנג פֿון אַלע שפּינוועבן און א'ע
וועלדער , יהואָש, 'געזאַנג'. ־קייט.
אומדערפֿאָרשלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט דערפֿאָרשן. א'ע סודות פֿון דער נאַטור.
,,דורך די בּאַהאַלטענע און א'ע וועגן פֿון לעבן,,,
מר III, נ"י 1908. ־קייט.
אומדערפֿײַפֿט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט
אויספֿײַפֿן בּיזן סוף. אַן א'ע מעלאָדיע.
או'מדערפֿי'לט — אַדי. 1. וואָס איז גיט
דערגרייכט, ניט דורכגעפֿירט, ניט מקוים
געוואָרן. ,,און ס'צערײַסט אים דאָס האָרץ א'ער
בּאַגער", לאַפּין, צייכנס. 2. וואָס איז ניט
אויפֿ־קיי געוואָרן פֿון אַ געפֿיל. א'ער בּראָך.
.
גענומע

-

אומדערסינדעריש — אַדי. ניט־
אויסגעפֿינעריש. נר. ־קייט.
או'מדערפֿי'רט — אַדי. ניט־דערפֿירט צום
ציל, געוואונטשענעם סוף. די פֿאַרפֿירטע און
די א'ע.

אומדערסירטקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומדערפֿירט; אומפֿאַרענדיקטקייט. „די געדאַנקען
בלײַבן הענגען אין א, און קומען ניט צו זייער
לאָגישן פּועל־יוצא„.
אומדערפֿלאַקערט — אַדי. וואָס האָט
געפֿלאַקערט, אָבער זיך אויסגעלאָשן פֿאַרן
אויסברענען. א'ע שײַטן האָלץ. א'ע גלוסטענישן.
־קייט.
או מדערפֿלי'קט — אַדי. 1. ניט אינגאַנצו
אָפּגעפֿליקט. א'ע עופֿות. 2. ניט־דערצופּט,
ניטדערריסן. א'ע בלעטער פֿון אַ בוך. ־ערהייט

— אַדוו. ־קייט.

▯ ▯

אומדערסעסערט — אַדי. פֿאַרפֿראַװעט מיט ניט געװנוג פֿעפֿער. אומדערזאַלצענע און א'ע פֿיש ־קייט.

.

▯

אומדערפֿרייט

▯

אומדערסרייט — אַדי. װאָס איז ניט אַרײַן אין שטימונג פֿון פֿריידיקייט (הגם עס איז געװוען אַ סיבה פֿאַר דעם). בלײַבן א אַפֿילו פֿון אַ

,

גוטער בשׂורה. ▯קייט.

אומדערפֿרייִלעך — אַדי. וואָס קען ניט דערפֿרייען. א'ע נײַסן. ־קייט.

אומדערסרישט — אַדי. ניט־אָפּגערוט, וואָס איז ניט דערגאַנגען צום דערפֿילן זיך פֿריש. פֿאָרן אין אורלויבֿ, קראַנק ווערן און קומען א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומדערצאָלט — אַדי. וואָס איז געבליבן אַ ביסל ווי אַ חובֿ, ניט אינגאַנצן אויסגעצאָלט. א'ע חובֿות. ־קייט.

או'מדערצאָ'רנט — אַדי. פּפֿ: ~ דערצערנט. וואָס וואָלט געמעגט זײַן שטאַרק אין כּעס, אָבער האַלט זיך קאַלטבלוטיק. א, פֿון די פּערזענלעכע אָנפֿאַלן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומדערצויגן — אַדי. 1. וואָס איז (אינגאַנצן ניט אָדער) שלעכט דערצויגן. א'ענע קינדער. 2. אומטאַקטיש, אומאיידל, אומגעבילדעט, אומקולטורעל. א, ווי אַ כלאָפּ.

קייט — אַרויסווײַזן א'. ניט קענען פֿאַרטראָגן גראָבקייטן און א'ן.

אומדערציאונג — די. מצ נבֿ. שלעכטע, פֿאַרדרייטע, צעקרימטע דערציאונג

פֿאַלש—

„ .

פֿאַרשטאַנענע און וואולגאַריזירטע מאָדערנע אידייען פֿון דערציאונג פֿירן אָפֿט צו א'“, רייד.

אומדערצייכנט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט בײַם צייכענען. אַן א'ע מאַפּע. ־קייט.

אומדערציילט — אַדי. בכלל ניט־דערציילט אָדער ניט דערציילט ביזן סוף. א'ער סוד. „די מעשׂה מיטן זיבעטן בעטלער איז געבליבן א'“. [„וואָס? זייעד שמועס האָט שוין אַן עק? א, גייט צירעלע אַוועק„, עט, משלים — דאָ באַטײַט א': ניט האָבנדיק דערציילט]. ־קייט.

אומדערציילעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט דערציילן. אַן א'ער עפּיזאָד. א', ווײַל מע וועט סײַווי ניט גלייבן. ־יקייט.

אומדערציילעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ דערציילער; ניט אויף אַ דערציילערישן אופֿן. א אַרײַנברענגען אַ ים מיט סטאַטיסטיק.

,

־קייט.

אומדערצ עט — טרוו. ־צי אום, ~דערצויגן.

דזוו איבערדער יִען. [נר].

או'מדערצע'רנט — אַדי. ← אומדערצאָרנט.

אומדערקאָכט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט בײַם קאָכן. א'ע זופּ ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומדערקאָנבאַר — אַדי. ← אומדערקענבאַר.
או'מדערקאָ'נט — אַדי. דזוו אומדערקענט ←.
אומדערקוויקט — אַדי. וואָס איז געבליבן ניט־דערקוויקט. א'ע הערצער. א, פֿון קאַלטן טרונק. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומדערקוויקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט דערקוויקן, דערפֿרייען, שטאַרקן (גײַסטיק אָדער פֿיזיש). א, אין טיפֿן צער ־קייט.
אומדערקוויקנדיק — אַדי. וואָס דערקוויקט ניט. א'ע שפּײַזן.

571

אומדערקוילעט — אַדי. 1. ניט־דערקוילעט, ניט־דערשאָכטן. טאַנצן ווי אַן א'ער האָן. 2. וואָס איז אויפֿן ראַנד רואינירט צו ווערן. בלײַבן א', ניט אַהער ניט אַהין. ־ערהייט — אדוו. זיך צאַפּלען א'. ־קייט.
אומדערקונדיקט — אַדי. וואָס מע האָט וועגן דעם זיך ניט אינפֿאָרמירט (אָדער זיך ניט געקענט אינפֿאָרמירן). א'ע פּרטים ־ערהייט

— אַדוו.
או'מדערקײַ'ט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט
פֿאַרענדיקט קײַען. א'ע האַרטע שפּײַז. 2 פֿיג.
—
.
וואָס ווערט ניט־אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען. אַן א'ע,
מטושטש פֿאַרבליבענע טעאָריע ־ערהייט —
.
אַדוו. ־קייט.
אומדערקליבן — אַדי▯ וואָס מע האָט ניט
באַוויזן (ניט געוואָלט) אויסקלײַבן. די צוויי
א'ענע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג.
אומדערקלערבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומדערקלערלעך. „אַהער באַלאַנגט אויך די
אויפֿן ערשטן קוק א'ע דערשײַנונג„, [נש, ישפּ,
3 (10)]. ־קייט.
או'מדערקלע'רט — אַדי. ניט־דערקלערט.
אַן א'ע פֿראַגע, טעאָרעם. „מוטערס קלאָגן זיך
אויף דער א'ער אַפּעטיטלאָזיקייט פֿון זייערע
קינדער“, פֿגעז, ווילנע 10 1925, No.
אויך: ניט־געמ▯לדן אָפֿיציעל. א'ע מלחמה.
־ערהייט — אַדוו. אויפֿגעבן היימאַרבעט
א'. ־קייט.
אומדערקלערלעך — אַדי.

אומפֿאַרשטענדלעך. וואָס מע קען (דאַרף) ניט דערקלערן. ,,גרויס, א, גרויס זענען די וואונדער וואָס...[די] כּוחות [פֿון אונדזער פֿאָלק] באַשאַפֿן,,, זשיט IX, נ"י 1919. ,,ס'בלײַבט לעכערלעך און א, די אַנדרוגינוסדיקע דערשײַנונג“, ימ, איינהייסלעכע פֿאָלקשול, 1922. ־קייט — ,,פּיקאַסאָס א'ן זײַנען זײַן חותם“, ינ, איק, 1957 I ◻י 7.

אומדערקענבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. ← אומדערקענ(ט)לעך. ,,דאָ ענדיקט זיך די ממשלה פֿון דעם מענטשלעכן וויסן. אויף יענער זײַט גרענעץ הייבט זיך אָן די ממשלה פֿון דעם ,אומדערקענבאַרן,,,, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

או'מדערקע'נט — אַדי. וואָס מע קעו ניט טרעפֿן, וויסן ווער אָדער וואָס דאָס איז. זיך פֿאַרשטעלן און ווערן א', אַז אייגענע טאַטעמאַמע זאָלן ניט כאַפּן ווער דאָס איז. ־ערהייט — אַדוו. אַרײַנקומען און אַוועקגיין א'. —קייט.

אומדערקענ(ט)לעך — אַדי. וואָס מע קען ניט דערקענען. בלאַסע, א'ע סימנים. אַ שטאַרק געביטן א, פּנים. ־קייט.

אומדערקענעוודיק — אַדי. וואָס מע קען ניט דערקענען איבער דער טבֿע, דעם מהות פֿון

דער זאַך. „[פֿאַר ספּענסערן] זײַנען מאַטעריע און באַוועגונג פֿון איין זײַט און פּסיכישע פּראָצעסן פֿון דער אַנדערער — אַרויסוויזונגען פֿון אַן אונדז אומבאַקאַנטן, א'ן זײַן", זשיט [הקדמה, מעריסאָן איבז, ערשטע פּרינציפּן].

או'מדערקע'רט — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט קערן. אַן א'ע פּאָדלאָגע. ־ערהייט — אַדוו.

אומדערשאַצלעך

אומדערקראָכן — אַדי. 1. וואָס איז ניט צוגעקראָכן צום באַגערטן פּונקט. „אַן א'ענער צו דער מאַמען, האָט דאָס ייִנגעלע זיך צעוויינט". 2. וואָס האָט ניט דערגרייכט זײַן ציל. גראָבלעך. אַ שלימזל, אַן א'ענער. ־ערהייט — אַדוו.

או'מדערקריי'צט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט בײַם אויסקריצן. אַן א'ע מצבֿה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומדעררוסן — אַדי. וואָס מע האָט גערופֿן, אָבער ס'איז געבליבן אָן אַ פּעולה. א'ענע הילף.

די א'ענע גייען אַוועק. ־קייט.

אומדעררײַבן — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט רײַבן. א'ענע קאַרטאָפֿל. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומדערדרייכערט — אַדי. וואָס מע האָט ניט גערייכערט בּיזן סוף. אַן א'ער פּאַפּיראָס. ־ערהייט — אַדוו. אַוועקוואַרפֿן דעם פּאַפּיראָס א'.

אומדערדרייניקט — אַדי. גערייניקט, אָבער ניט אויסגערייניקט בּיזן סוף. א'ער מלבּוש. פֿיג. א'ער זינדער —ערהייט — אַדוו ־קייט.

□

.

או'מדעררע'דט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט אַרויסבּרענגען. א'ע האַלבּע זאַצן. א'ע סודות. 2. וואָס מע האָט עפּעס פֿון דעם פֿאַרשוויגן. „א, פֿירט צום גט“, שוו. 3. וואָס איז ווי אַ רמז, אַן אָנוואונק. א'ע אָנצוהערענישן, אָנווײַזן.

־ערהייט — אַדוו. איבּערלאָזן אין סאַמע מיטן, א'. ־קייט — אין דער א, פֿון די שרײַבּער־אַנוסים.

אומדערשאָבּן — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרענדיקט שאָבּן. א'ענע מערן. ־ערהייט —

אָדוו.
אומדערשאָטן — אַדי. ניט־פֿאַרשאָטן ביזן
סוף. אין גריבער — א'ענע מתים.
אומדערשאָכטן — אַדי. וואָס מע האָט
ניט פֿאַרענדיקט שעכטן. א'ענע הענער.
—ערהייט — אַדוו. ־קייט — אַ
צאַפּלדיקע א,.
אומדערשאָסן — אַדי. וואָס מע האָט געשאָסן
אויף דעם (און פֿאַרוואונדיקט), אָבער ניט
געטייט. די דערשאָסענע און א'ענע בעת דער
אַקציע ־ערהייט — אַדוו. באַגראָבן א,.

-

.
אומדערשאַסן — אַדי. וואָס איז ביים שאַפֿן
ניט געבראַכט געוואָרן צו שלימות. א'ענע
ווערק. ־קייט.
אומדערשאַצבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומדערשאַצלעך. ,,אַן א'ער פֿאַרלוסט פֿאַר דער
וויסנשאַפֿטלעכער וועלט" פֿגעז, פּאַריז 1950,
—
,
No 11־12. ־קייט.
או'מדערשאַ'צט — אַדי. וואָס מע האָט (ביז

איצט) ניט צוגעגעבן דעם ווערט, ווי עס קומט
אין־דער־אמתן. א'ער טאַלאַנט. אַן א, ווערק.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — די א, ריַסט
די אויגן.
אומדערשאַצלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט דערשאַצן, אינגאַנצן אָפּשאַצן לויטן
פֿולן ווערט ־קייט.

.

-

אומדערשאַרפּט

▯

אומדערשאַרסט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
פֿאַרענדיקט שאַרפֿן. אַן א, מעסער. ־ערהייט
— אַדוו.
אומדערשוואומען — אַדי. ניט־
צוגעשוואומען צום באַגערטן פּונקט. „מיר, די א'ע צו אַ
ברעג“, רייד. ־קייט.

אומדערשוועגגערט — אַדי. ניט־
פֿאַרענדיקט אויסשוועגגערן. אַן א, מפילע. ־קייט.
אומדערשטאָכן — אַדי. וואָס האָט באַקומען
מעסערשטעך און האָט (דערוויַיל)
איבערגעלעבט די וואונדן. אָפּפֿירן דעם דערשטאָכענעם
אויף טויט אין מאָרג און דעם א'ענעם אין
שפּיטאָל.
אומדערשטוינט — אַדי. ניט־דורכגענומען
מיטן געפֿיל פֿון שטוינונג. בלייַבן גלייַכגילטיק,
א'. ־קייט.
אומדערשטופּט — אדי. ניט־צוגעשטופּט צום
באַגערטן פּונקט. די א'ע צום וואַגאָן. ־ערהייט
— אַדוו.
אומדערשטייַגלעך — אַדי. נעאָל. מאַרק ווב.
וואָס מע קען צו דעם ניט דערשטייַגן,
דערקלעטערן, דערגרייכן. א'ע הייכן. א'ע
רייַכטימער. ־קייט.
אומדערשטיקט 1 — אַדי. אומדערוואָרגן.
געשטיקט, אָבער א, פֿון נויט.
־ערהייט — אַדוו. „ער האָט זי גענומען
שטיקן, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעריסן א'".
רייד. ־קייט.
אומדערשטיקט 11 — אַדי. וואָס די
אוזאָרישע אַרבעט פֿון אויסהאַפּטן איז ניס

פֿאַרענדיקט. א'ער שפּיץ פֿון מגן־דוד.
אומדערשטראָמט — אַדי. ניט־צוגעשטראָמט.
די שטילע, א'ע וואַסערלעך.
אומדערשטריקט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט
שטריקן. אַן א, שאַליקל. ־ערהייט — אַדוו.
אומדערשיטערט — אַדי. [צוגעשטעלט ד
צו אַ דײַטשיש וואָרט. נר.] אומדערציטערט,
אומדערשראָקן. „און די טעריטאָריע פֿלעגט אַ
ציטער טאָן, און דער ייִד פֿלעגט גיין אויף איר
— אונטער איר — אַן א'ער“, בּ. ריווקין, אַ
גלויבּן פֿאַר אומגלייבּיקע. ־קייט.
אומדערשי'טערלעך — אַדי. ← דפֿוו.
אומצעטרייסלעך. „אַזאַ קראַפֿט פֿון א'ן ווילן“, פֿגעז,
פּאַריז 6 1949, No־7. [נר].
אומדערשײַערט — אדי. וואָס מע האָט ניט
פֿאַרענדיקט שײַערן. א'ע טעפּ —ערהייט —
־
.
אַדוו.
אומדערשינען — אַדי. נר (אָפּט געניצט).
וואָס האָט זיך ניט בּאַוויזן. „די בּעסטע קראַפֿט
[דאָ: אַקטיאָר, זינגער] איז געווען די א'ע
קראַפֿט„, רייד. א'ע ווערק.
אומדעדשלאָגן — אַדי. 1. ניט־דערהרגעט.
זיך אויפֿהייבּן אַן א'ענער. 2. ניט־

פֿאַרצווייפֿלט. א, פֿון די צרות. ־קייט, ב2.
באַוואונדערן יענעמס מוט און א'.
אומדערשלײַדערט — אַדי. וואָס מע האָט
גערוואָרפֿן, געשלײַדערט, אָבער ניט ביזן
אָנגעמערקטן פּונקט. א'ע שטיינער.

5'

אומדערשליפֿן — אַדי. ניט־גענוג געשליפֿן.
ניט־פֿאַרענדיקט בײַם שלײַפֿן. א, גלאָז. א'ענער
האַלב־אינטעליגענט. קייט.
אומדעדשלעסט — אַדי. ניט־צוגעשלעפּט
צום אָנגעמערקטן פּונקט. א'ער פּאַק.
אומדערשמאָלצן — אַדי. וואָס צעגייט ניט,
צעשמעלצט ניט אינגאַנצן. „דער גרעסטער טייל
פֿון זייערע...אײַז בלײַבן א'“, אמד, דאָס
אײַנגעפֿראָרענע שיף, ווילנע 1882.
אדמדערשמירט — אַדי. ניט־דערשמירט
א'ע ווענט, רעדער. ־ערהייט — אַדוו.
אומדערשמעקט — אַדי. ניט־דערשמעקט.
א'ע שפּורן, ריחות. א, רכילותל.
אשדערשנאַפּט — אדי. ניט־דערשמעקט,
ניט־דערטאַפּט, ניט־דערשפּירט, ניט־

אויסגעפֿונען. א'ע סליאַדן. אַן א, אינטריגעלע.
אומדערשניטן — אַדי. ניט־דורכגעשניטן
ביזן סוף. א'ענע פֿאַפּירלעך. ־קייט.
אומדערשעסבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומדערשעפּלעך ←. "זיי זײַנען ווי א'ע קוואַלן
פֿון ענערגיע,,, ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן.
אומדערשעפּט — אַדי. ניט־דערשעפּט,
ניטאויסגעשעפּט ביזן סוף. א'ע כּוחות. ־קייט.
אומדערשעפּלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
ביזן סוף אויסשעפּן, זיך דערגרונטעווען. אַן
א'ער ברונעם. "די דאָזיקע טעמעס...אַן א'ער
קוואַל פֿאַר דער ווײַטערער אייראָפּעאישער
ליטעראַטור,,, קאָר I. ,,ווי טיף, ווי עלעגיש, ווי א,
ביסטו, י. ראָלניק", מאַן, וועקער, 1 1955 X.
־קייט — א, פֿון (דעם מענטשנס) ענערגיע.
אומדערשערט — אַדי. ניט־דערשערט. א,
קעפּל. א, געוואַנט. א'ע קוסטעס. ־קייט.
אומדערשפּתען — אַדי. לד. ניט־פֿאַרענדיקט
בײַם שפּינען. א'ער פֿלאַקס. א, געוואַנט.
־ערהייט — אַדוו.
אומדערשפּילט — אַדי. 1. וואָס מע האָט
אויפֿגעהערט מיט (אין) דעם זיך פֿאַרווײַלן,
איידער מען איז געקומען צום סוף. אַן א'ע אָקע.
2. וואָס מע האָט אַרויסגעבראַכט דעם ניגון אויף

אַן אינסטרומענט און איבערגעריסן פֿאַרן סוף.
אַן א'ער ניגון.
־קייט — געצוואונגענע א'.
אומדערשפּינט — אַדי. פּד. דזוו
אומדערשפּונען. א'ער פֿלאַקס.
אשדערשסירט — אַדי. וואָס איז ניט
אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די חושים. א'ע רייצונגען.
־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומדערשפּירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט דערשפּירן. א'ע כוואַליעס. אַ קליינער,
ממש אַן א'ער ווייטיק ־קייט.

.

אומדערשראָקן — אַדי. ניט־דערשראַקן. „נאָר
פּשוט, גלײַך און א, גיין צו מײַן ציל“, ווײַס,
'ווי דער גורל פֿירט'. “אַלץ א'ענער האָט
לייוויקס פּאָעזיע אין דער פֿינצטערניש [פֿון תּהום
פֿון טויט] אַרײַנגעקוקט“, שנ, ה. לייוויק.
־ערהייט — אַדוו. זיך דורכרײַסן דורכן
שׂונא א'.
אומדערשראָקנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ, פּרט־פֿאַל אָדער מדרגה פֿון זײַן

אומדערשראָקן. „די א, פֿון אמתן מאמין איז
אַנדערש ווי די א, פֿון קריגסהעלד“, רייד. „אַן
אַקט פֿון גרויסער געוואַגטקייט און א"“ פֿגעז,
—
,
פּאַריז 6 1949, No־7.

אומדערשריבּן — אַדי. 1. וואָס מע האָט
געהאַלטן אין שרײַבּן, אָבּער ניט פֿאַרענדיקט.
אַן א , בּייגעלע פּאַפּיר. א'ענע סימפֿאָניע.
2. וואָס מע האָט געהאַט בּדעה אָנצושרײַבּן,
אָבּער מע האָט עס ניט געטאָן. „געשטאָרבּן פֿאַר
דער צײַט, זײַנע לידער אומדערזונגען, זײַנע
זכרונות — א"“, רייד (בּײַ אַ לוויה). ־ערהייט
אַדוו. ־קייט — די אומדערזאָגטקייט, די א'.

אשדעשיסרירט — אַדי. ניט־דעשיפֿרירט.
א'ע טעלעגראַם. א'ער דאָקומענט. ־קייט.
אומדראַזגען — אוטוו. ־גע אום, ~
געדראַזגעט. דזוו אומבּראַזגען. אַ לענגערע צײַט
דראַזגען, קלאַפּן. א, מיט מעטאַלענע טעלער.
־עניש. ־ערײַ.
אומדראָטעווען — טרוו. ־טעווע אום, ~
געדראָטעוועט. 1. אַרומבּינדן מיט דראָט. א, אַ
ליימענע כּלי. 2. דראָטעווען אויף אַן אַנדער

אופֿן פֿונדאָסנײַ.

,

אומדראַמאַטיזירט — אַדי. וואָס מע האָט
פֿון אַ דערציילערישער פֿאָרעם ניט
אַריבערגעפֿירט אין אַ דראַמאַטישער. די דערציילונג איז
געבליבן א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומדראַמאַטיש — אַדי. וואָס אין דעם איז
ניטאָ קיין דראַמע, קיין אינטערעסאַנטער
קאָנפֿליקט. אַן א, שפּיל. א'ע וואָכעדיקייט. „מיר
גייען הײַנט דורך אַן א'ן פּעריאָד...פֿון שטילע,
קליינע מעשׂים“, ח. ליבערמאַן, פֿאָר, XI 1961
15. ־קייט — „זיי זײַנען ממילאדיקע ייִדן
און זײַנען דראַמאַטיש מיט זייער א'“, יג, תּוך.
אומדראַפּירן — טרוו. ־פּיר אום, ~(גע)
דראַפּירט. 1. אַרומשפּרייטן מיט אַ שטאָף,
געוואַנט, ווי אַ צודעק אָדער אַ הילע, צוליב
שיינקייט, עס זאָל זײַך דעקאָראַטיוו. א, די
מאַנעקענען. 2. בײַטן די דראַפּירונג. א, די סטאַטוע
מיט זײַד צו קריגן אַ בעסערן עפֿעקט.
־עכץ. ־עניש.
אומדראַפּען זיך — אוטוו, קזוו. ־פּע זיך אום,
זיך ~געדראַפּעט. זיך אַרומשלאָגן; קראַצן,
דראַפּען איינס ס אַנדערע. א, זיך ווי פֿאַרליבטע

,

קעץ. ־עניש.

אומדרוקבאַר — אַדי. דטשמ (טרעפֿט זיך אָפּט). 1. וואָט מע דאַרף ניט דרוקן. „זײַנען דעם מיידלס לידער...געווען א„„ ינ, תּוך.
2. גראָב, וואולגאַר. „איבערגעגעבן פֿון מאָל צו מאָל זײַנע געפֿילן מיט אַן א, וואָרט און מיט אַ שפּײַ“, אָפּאַ, 'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ, ־קייט.

.

או'מדרר'קווערדיק — אדי. נעאָל. דזוו אומדרוקפּעאיק ←, נאָר מיטן אַרויסהייבן די אומחשיבֿות פֿון דער זאַך. ־יקייט.

אומדרוקלעך — אדי. נעאָל, סטוטש. צו פֿאַרבײַטן דעם אדי אומדרוקבאַר ←.

אומדרוקעוודיק — אַדי. נעאָל, סטוטש. וואָס מע קען אויף דעם ניט דרוקן. א, פּאַפּיר.

או'מדרו'קפּעאיק — אַדי. וואָס איז ניט גענוג גוט (אָדער צו גראָב), מע זאָל עס קענען (מעגן) דרוקן. שרײַבן א'. ־יקייט.

אומדריגען

אומדריגען — טרוו. ־גע אום, ~געדריגעט.
אַ סך מאָל (אַ לענגערע צײַט) שטויסן מיט די פּיס. א, די פּערענע מיט די פּיסלעך ־עניש.

.

אומדריי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אומדרייען. א, אין גימנאַסטיק; א, בײַם טאַנצן. „מיר שטייען בײַ אַ שאַרפֿן א, פֿון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג“, א. גאָלאָמבּ, קוד, דעצ, 1963.

2. פֿולע קרײַזליניע וואָס אַ ראָד מאַכט דורך. דרייענדיק זיך אויף אַן אַקס. וויפֿל א'ען מאַכט די ראָד אין אַ מינוט? 3. פֿולער קרײַזלויף אין שטראָם פֿון צײַט. “און עס איז געווען נאָכן א, פֿון די טעג האָט חנה אויסגעטראָגן און האָט געבּאָרן אַ זון“, תּ׳, שמואל א, א, 21.

אומדרייאונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומדרייען (זיך). דער אורח פֿאַרטײַטשט 'מסבּות, (איובֿ, לז, 12) — א'. 2. דזוו אומדריי. “וואָס גרעסער איז די צאָל א'ען פֿאַרבּרויכט אַגבֿ די מאַשין אַלץ וויניקער

,

קראַפֿט“, בּער. 3 פֿונקציע פֿון בּאַלאַסטונג.

שטראָם (טעכניקום, ווילנע).

אומדרייאיק — אַדי. וואָס מע קען אומדרייען אין צוויי אָדער מער ריכטונגען; וואָס האָט די אייגנשאַפֿט אָדער איז בּכּוח זיך אומצודרייען. א'ער עלעקטרישער שטראָם.

אומדרייסט — אַדי. ניט־דרייסט. ענטפֿערן
פֿאַרשעמט און א'. ״אַזוי ווי ער וואַר איין א'ער
מענטש, האָט ער איר נימאַלס אָפֿן געזאָגט״,
מ. ראגער, אַ ראָמאָן פֿון דער
קליינשטעטלדיקער ראַצעלען, וואַרשע 1887. „אַזאַ קינד
איז א,
און אַלס יוגנטלעכער וועט עס שמייכלען
פֿאַרלעגן״, פֿגעז, פּאַריז 1950, No 11־12. ־קייט
— אַרויסוויַזן א'.
אומדרייען — טרוו. דריי אום, ~געדרייט.
1. דרייען אַ לענגערע צײַט. א, אַ שפּילכל.
2. איבערקערן, בײַטן דעם אויבן אויף אונטן
און פֿאַרקערט. א אַ גלאָז וואַסער. א אַ קאָרבֿ

און אויסשיטן די פּירות. *א, אַ וועלט =
איבערקערן (איבערדרייען) אַ וועלט; זײַן זייער
(אויך איבעריק) אַקטיוו, אויפֿטועריש. *א, מיט
דער צונג = זאָגן ליגנס, געבן פֿאַלשע
תּירוצים; פּרוּוון זיך אַרויסדרייען.
3. איבערדרייען פֿון איין זײַט אויף דער
אַנדערער. א, דעם קלאָץ אויף דער אַנדערער זײַט.
*א אַ מלבוש = פֿון דער לינקער זײַט מאַכן

די רעכטע, בײַם איבערניצעווען.

4. קאַליע מאַכן דורך דרייען. א, דעם שלאָס.
5. אויסדרייען, פֿאַרקערעווען אין אַן אַנדער ריכטונג. א, דעם וואָגן, די פֿערד. „ריידנדיק האָט ער אומגעדרייט דעם רוקן צו אים און איז אַרײַן אין זײַן לעצטן צימער“, אמד, די אונגליקליכע ליבע, ווילנע 1868.
6. דרייען פֿאָרויס, צוריק, אַרום און אַרום. א, דעם זייגער. „די דײַטשן, וועלכע קלערן שטענדיק אויס נײַסן, האָבן אומגעדרייט דעם ווײַזער אויף דעם ציפֿערבלאַט פֿון דער וועלטגעשיכטע“, ממוס, ,שם און יפֿת'.
7. רירן פֿון אָרט, ניט לאָזן אין דער זעלבער פּאָזיציע. „ווען מן איין (מת מטהר) האָט געוועזן דערף מן דש׳ (מטהר) ברעט ניט אום דריהן זונשׂט שטערבט איינר ווידר אין דרייא טאָג“,

5' ▯

איבז פֿון ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד פּפּאָ

,

תקנ״ט.
8 פֿאַרדרייען, פֿאַרקריפּלען. א אַ מעשׂה ווי

, .

סע לוינט זיך. א, די געשיכטע. א, אַ מנהג.

9. אַרומוויקלען. א אַ שאַל אַרום האַלדז.

,,איין טייל האָבן אַ מנהג דאָס זיי בײַ איר [= זייער] לעבן דאָס טלית א'...אום דעם האַלדז אַרום. אַזוי זאָל מען זיי בײַ דעם טויט אויך טון‘‘, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים, זולצבאַך תּקנ,,א, י׳/ב.

אומדרייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. מאַכן פֿולן אומדריי פֿולע קרײַזליניע. די לבֿנה דרייט זיך אום אַרום דער ערד. די ערד דרייט זיך אום אַרום איר אַקס. 2. אויסדרייען זיך אויף צוריק. זיך א, און אַ קוק טאָן. ,,ראָבינזאָן...דרייט זיך אום, דערזעט ער דעם אָקרענט...‘‘, ראָבינזאָן קראוזע, וואַרשע 1874. ,,זיך נאָך איין מאָל א', זי נאָך איין מאָל אָנצוקוקן,,, י. ר., דער בלינדער בעטלער, וואַרשע 1882. ‘‘איטלעכס מאָל, בשעת די רעדלעך פֿלעגן אינגאַנצן זיך א, און אויסלאָזן אויף אַ סווישטש מיט אַ שלשלת, פֿלעגט...‘‘, ממוס, מסעות.

3. בײַטן די ריכטונג; פֿאָרן (גיין) צוריק אָדער אין אַ נײַער ריכטונג. א, זיך רעכטס, לינקס. זיך א, און פֿאָרן צוריק אַהיים.

4. איבערדרייען זיך, וואַלגערן זיך. א, זיך

אין שלאָף אויף אַ צווייטער זײַט. ״פֿאַראַן אַ דין ומשפּט וויפֿל מאָל [די אָפּגעריסענע בלעטער] זאָלן זיך א׳״, לדב, 166. ״און דרייט זיך אום ווי אַן אות אַן אומפֿאַרטײַטשטער אין אַ בוך„, א, ניסענזאַן, דאַם לעבן זינגט אַפֿילו אין טויט. אַז דער נפֿטר וואָלט דאָס געוואוסט (

געּ

הערט), וואָלט ער זיך אומגעדרייט אין קבֿר — וועגן עפּעס וואָס עס טוען אָפּ נאָענטע מענטשן און וואָס איז קעגן דעם גלויבן אָדער די פֿירונגען פֿון פֿאַרשטאָרבענעם.

5. גיין אַ לענגערע צײַט הין און צוריק (אָן אַ ציל). א, זיך אין גאַס. א, זיך פּוסט־און־פּאַס. ״א, זיך אין אַלע פּלעץ אין דער געגנט אַרום דער שטאַט„, קלמן סוביל איבז, דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894. „אין מאַרק האַט ער זיך אומגעדרייט אָן אַ גראַשן״, אַר, 'דער מאָדערנער אליהו הנבֿיא'. ״מישקע האָט זיך אומגעדרייט אַ ביסל איבער די ליידיקע קאָרידאָרן״, א. קיפּניט פֿרייד. „איך דריי זיך

,

אויף צעוואונדיקט אום, איך דריי זיך אום אַן אָבֿל״, רוב, חורבן פּוילן. *א, זיך ווי אַ נעכטיקער, ווי אויף יענער וועלט = זײַן איינזאַם,

פֿאַרלאָרן פֿאַרחלומט.
-
,
6. דז, אָבער מיט אַ ציל. א, זיך איבער (צווישן) די קראָמען כדי עפּעס צו קויפֿן. "וויפֿל מאָל האָב איך זיך אומגעדרייט איבער די סקלאַדן, געקליבן כלומרשט ספֿרים", ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. "אויפֿן מאַרק דרייען זיך אום די תּבֿואה־הענדלער מיט פֿאַרדרייטע דאַשיקעס", אַר, 'דער גמילות־חסד'.
7. דורכקומען, דורכדרייען זיך. „מיר וועלן ניט שטאַרבן פֿון הונגער...מיר וועלן זיך פּרוּוון א, אויף דער וועלט, גלײַך מיט אַלע יידן", ספּ, יידישער קאָלאָניסט.
8. איבערקערן זיך. בײַטן זיך. „און ווײַטער גלייב איך, אַז די וועלט האָט זיך נאָך ניט

אומאדמה

געדרייט, עס איז נאָך אַלץ...בײַם אַלטן„, יהל, די עדש טע ליבע, וואַרשע 1881.
־עכץ. ־עניש.
אומדרייער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
דרייזין. ווער עס דרייט (זיך) אום. ־ערײַ.
אומדרינגלעך — אדי. 1. וואָס איז ניט

דרינגענדיק. אָפּלייגן דעם א'ן ענין. 2. וואָס לאָגישערהייט דרינגט עס ניט אַרויס. וואָס מע קען ניט דערגיין אויף אַ דעדוקטיוון אופֿן די א'ע דערשײַנונגען פֿון דער נאַטור אויף צו פֿאָרשן אינדוקטיוו. ־קייט.

אומדרך־ארץ — [...דערעכע'רעץ] דער, ־ן. היפּוך פֿון דרך־ארץ. אַרויסווײַזן א'. האָבן פֿאַר איינעם דרך־ארץ און פֿאַרן אַנדערן א'. „איך פֿיל דאָ [אין בײַטן די צורה פֿון אַן אות] א, צו אַלע פֿרִיערדיקע דורות“, ימ, ייִשפּ XIX, 1.

אומדרך־ארצדיק — אַדי. וואָס האָט אין זיך (איז פֿאַרבונדן מיט) אומדרך־ארץ. אומהעפֿלעך, אומ(ב)תּרבותדיק; אומטאַקטיש. אַן א'ע באַציאונג צו אַ תּלמיד־חכם.

אומדרעל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אום, ~געדרעל(י)עוועט. בויערן אַ לענגערע צײַט. „איך האָב שוין קאָפּווייטיק פֿון א, דעם צאָן“, רייד.

אומדרעמלען — אוטוו. ־מל אום, ~ געדרעמלט. דרעמלען אַ לענגערע צײַט. ניט שלאָפֿן, נאָר זיך צולייגן און א, אַ האַלבן טאָג.

אומדרעסירט — אַדי. אומטרענירט; ניט־אויסגעלערנט זיך אויפֿצופֿירן אויף אַ באַשטימטן געוואונטשענעם אופֿן (וועגן אַ בעל־חי. אויך

וועגן אַ קינד). אַן א, פֿערד, אַן א'ער הונט.
־קייט.
אומדרעשן — טרוו. דרעש אום, ~געדראָשן (~געדרעשט). איבערדרעשן, דרעשן פֿונדאָסניי.
א אַ פּאָר זעק תּבֿואה.

,

אומדרש(ע)נען — [...דאַרשענען] טרוו. דרשן, דרשע אום, ~געדרשנט (~געדרשעט). 1.
אויסטײַטשן, אויספּשטלען אַנדערש ווי פֿריִער. „אויב מע וויל, קען מען עס א, פּונקט פֿאַרקערט“.
2. דרש(ע)נען אַ לענגערע צײַט. א, ביז פֿאַרנודיעט ווערן.
אומה — [אומע] די, ־מות. < תּל (אַ סך שטעלן.
אויך תּנ, אָבער בלויז זן און מיטן ב3). פֿאָלק; נאַציע, נאַציאָנאַליטעט. אין פֿאַרגלײַך מיטן סינאָנים פֿאָלק, בינדט זיך א, מיט אַן עמאָציאָנעלער באַפֿאַרבונג (לשבֿח אָדער לגנאי). מײַן א'.
די גערודפֿטע א'. אוי, סאַראַ מיאוסע א'I פֿע,

.

אַ מאָדנע א'.
1. בײַם האָבן אין זינען דאָס אייגענע פֿאָלק.
[אַזוי למשל, ביצה, כה/ב: 'א, של קשי־עורף'; מגילה, טז/א: ,א, זו משולה לעפֿר ומשולה לכּוכבֿים, אא.] „ייִדן זײַנען אַ קליינע א, און

האָבֿן אַ גרויסן גאָט“, ש וו. „אויף אַ ווערבֿע
אויף אַ קרומע הענגט די האַרפֿע פֿון מײַן א'“,
מר. „אַך, אַ מנהג פֿון אַן א', מעג ער זײַן שוין
דורות־לאַנג“, אַר, 'דער יום־כּיפּורדיקער
שפּאַציר'. „אָ גיבֿ, איך זאָל זײַן פֿאַר מײַן א אַ

,

שטויבֿעלע כאָטש אויפֿן וועג, וואו טרעטן אין
פֿרייד זאָל זי ענדלעך צום אויפֿגאַנג פֿון
בֿעסערע טעג“, אַל, 'אַ תּפֿילה'. „איטלעכער פֿילט זיך

אומהאָבֿן

אַ טייל פֿון דער א, און פֿילט זיך געבֿונדן צום
צווייטן“, יהואָש, 'בּית שני'. „[די] פּאַווע איז
אומעטיק גאָלד, און דאָס ציגעלע, דאָס פֿרומע...
די צוויי יתומים פֿון מײַן א'“, מאַנ, 'יתומים'.
2. בּײַם האָבֿן אין זינען סתּם אַ פֿאָלק און
אין מצ אַלע פֿעלקער חוץ ייִדן [אַזוי למשל
עבֿודה זרה, ב/א ,כּל א, וא, אאַ]. “האָט...גאָט
איבּר ענטפֿרט איטליכי א, צו איינם מלאך„,
ארי, ליבֿ בּר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים,
פֿיורדא 1725. „זײַן שטאַרקע האַנט איז
דערהויבֿן אויף די א'ות, צו אייבֿיקע צײַטן וועט
ער קיניגן“, מחזור לראש־השנה, סלאַוויטע

1832, ל/ב. „דאָ האָבן די זעלביקע מלאָכים איטלעכער איין א, גענומען און האָבן זיי געלערנט איין לשון,„ צור, נח. „ווער אונטער אַלע א'ות קען נאָד אַזוי פֿיל לײַדן און שווײַגן ווי יִידן?“, ממום, טאַקסע.

3. מיטן בּאַטײַט פֿון תּנך — אַ גרופּע מענטשן (שבֿט, טייל פֿון שבֿט). מם פֿאַרטײַטשט ,בּרבֿ עם הדרת מלך, (משלי, יד, 28): „אַ גרויסע א, בּשײַנט אַ מלך,„. [←. אומות.]

אומהאָבּן — טרוו, אַקוזוו. האָבּ אום (?), ~ געהאַט. אַרכ. זײַן אָנגעטאָן אין עפּעס, טראָגן אויף זיך (אַ בּגד). „אונ, האָט איר בּרוין טשמלטי פּעלצל אום גיהט אונ, אין אונטר העמד“, 'שו“ת הרמ“א', קראָקע 1640 [הש I].

אומהאַבּעוועך — אוטוו. ־בּעווע אום ~ געהאַבּעוועט. לר. 1. אַרומלויפֿן, אַרומשמײַען כּדי עפּעס צו פֿאַרדינען. א, ווי אויף אַ יריד, ווי אויף זייערער אַ חגא. 2. דזוו בּ1, אָבּער מיט בּײַבּאַטײַט: אַרויסווײַזן געלטגיריקייט, קאַרגשאַפֿט. א, איבּער אַ גראָשן. א, וואָס מער אַרײַנצוקריגן, די וועלט איז אים ווייניק.

אומהאַוועך — אוטוו. ־ווע אום, ~געהאַוועט. גיך, אין געאײַל אַרומלויפֿן, אַרומשמײַען (געווײנטלעד, כּדי עפּעס צו פֿאַרדינען); זײַן שטאַרק

פֿאַרנומען מיט דאגות פּרנסה. „עס האַוועון שכנים אום אויף ערד“, אַר, 'מיר שטעלט זיך פֿאָר'. “די קליינע קליפּות האַוועוען אום געפֿערלעד„, אַל I. ־עכץ. ־עניש — אַן א, צוליבֿ חיונה נעבֿעו.

אומהאַווקען — אוטוו. ־קע אום, ~ געהאַוועקעט. 1. אָפּט אָדער אַ לענגערע צײַט האַווקען, בּילן; האַלטן אין איין האַווקען. אין די נעכט האַווקען אום די שכנותדיקע הינט. 2. זידלען, שעלטן (אַ לענגערע צײַט). ־עניש. ־ערײַ.

אומהאָטשקען — ־קע אום, ~געהאָטשקעט. פּפֿ: ~העטשקען, ~העצקען, ~ האָצקען. אוטוו — אַ לענגערע צײַט גיין גיך אָדער לויפֿן אונטערשפּרינגענדיק. דאָס פֿערדל האָטשקעט אום אין פֿעלד. טרוו — טרייסלען, וויגן אויף אַ הוידע אַ לענגערע צײַט; שטופּן פֿון איינעם צום צווייטן. א, די קינדער. אַרײַננעמען אַ ייִנגל צווישן צוויי רייען חבֿרה־לײַט אוו א, אים. ־עניש. ־ערײַ.

אומהאָטשקען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. דזוו אומהאָטשקען, אוטוו. 2. זיך טרייסלען בײַם פֿאָרן אויף אַ וואָגן.

אום — האַלבֿן — צגז פּרעפּ. אַרכ. צוליבֿ; אין נאָמען פֿון. „איך האבֿ עשׂ ניט גיטאן אום

דען עולם מזכּה צו זײַן מיט דיזם ספֿר,,, יוסף מאַרשן איבּז, יהושע בּן סירק, 1712.
אומהאַלדז — דער, ־ן. נעאַל. טיכל וואָס מע טראָגט אַרום האַלדז ווי אַ בּאַפּוצונג. אַ בּלאָנדינקע מיט אַ שוואַרצן א'.
אומהאַלדזן — טרוו. האַלדז אום (אַרכ אום האַלז), ~געהאַלדזט. 1. אַרומנעמען מיט די הענט דעם האַלדז, דעם אייבּערשטן טייל

קערפּער (בּײַם אַרויסווײַזן ליבּשאַפֿט). מ t פֿאַרטײַטשט 'וימינו תּחבּקני, (שיר השירים, בֿ, 6): ,,זי טוט אום הלזן מיך" [תּי: ,,זאָל מיר אַרומנעמען"]. מלל פֿאַרטײַטשט אַת חובֿקת

,

בּן, (מלכים בּ, ד, 16): ,,אום האַלזין" [תּי: ,,ווּעסטו האַלדזן"]. "עהרט אונ, אום האַלזט אונ, קוסיט דעם מן...", יוסיפֿון, אַמשט 1743, לה/2.
2. סתּם צערטלען, קושן. "געננג א', מע דאַרף שוין פֿאָרן", רייד ־עניש. ־ערײַ.

.

אומהאַלדזן זיך — קזוו. ← דפֿוו. אַ

לענגערע צײַט זיך האַלדזן, זיך צערטלען, זיך קושן.
אומהאָלדערן — אוטוו. ־דער אום, ~
געהאָלדערט. אָפּט אַרויסגעבֿן קלאַנגען (וועגן אָדער
ווי אַן אינדיק).
אומהאָלט — אַדי. [בייגט זיך ניט, נאָר
פּרעדיקאַטיוו.] לר. וואָס איז ניט גענוג ליבֿ; וואָס
מע האָט צו דעם ניט קיין גוטע געפֿילן. „איך
ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר ער איז מיר א'„, רייד
(ווילקאָמיר, ליטע).
אומהאַלטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
האַלט ניט אויס; וואָס מע קען בײַ דעם זיך ניט
האַלטן. אַן א'ע מיינונג, טעאָריע ־קייט —

.

„די א, פֿון די בײדע היפּאָטעזן“, דער נײַער
גײַסט, נ"י 1898, lטער יאָרגאַנג, No 10.
אומהאָלט האָבֿן — צזוו, טרוו. האָבֿ א', א,
געהאַט. ← אומהאָלט. אומזיסט־אומנישט עמעצן
א, האָבֿן.
אומהאַלטן — טרוו. האַלט אום, ~
געהאַלטן. 1. אַרכ. האַלטן אַרום זיך. „מן טאָר
וואול אום האַלטן פֿר דען רעגן איין דעק אודר
איין זאַק“, לט1, סו/ב. 2. האַלטן אַ לענגערע
צײַט, זיך אַרומטראָגן מיט עפּעס. „גענוג א, אין
די הענט, לייג עס אַוועק!„.

אומהאָל(י)ובֿען — טרוו. ־בֿע אום, ~
געהאָל(י)ובֿעט. פּפֿ: ~האַל(י)ובֿען. סל. אָפּטּ
מיט ז י ך — קזוו. אַ לענגערע צײַט צערטלען,
גלעטן, קושן. ־עניש.
אומהאַמעווען — טרוו. ־מעווע אום, ~
געהאַמעוועט. (אין אומאָפּהענגיקער ליטע, אין
לשון פֿון שאָפֿערן) איבערשטעלן דעם
מעכאַניזם וואָס מאַכט לויזער אָדער שטײַפֿער די
רעדער פֿון אַן אויטאָ(בוס). „מע דאַרף דאָ א',
עס גייט באַרג־אַראָפּ“, רייד.
אומהאַמערן — ־מער אום, ~געהאַמערט.
אוטוו — קנאַקן, קלאַפּן מיטן האַמער אַ
לענגערע צײַט. א, אָן אַן אויפֿהער און פֿאַרקלאַפּן
דעם קאָפּ. טרוו — 1. אַרומקלאַפּן,
אַרומפֿעסטיקן. א, אַ ראַם מיט טשוועקעס. 2. קנאַקן
מיט פּראָפּאַגאַנדע. כּסדר איבערחזרן דאָס
זעלביקע. א, אַז די פּאַרטיי איז העכער פֿון אַלץ.
אומהאַמפּערן זיך — ← אומאַמפּערן זיך.

אומהאָפּ(ק)ען

אומהאַנג — דער (זן די), ־ען; ~הענג. 1. אַקט
פֿון אומהענגען. בײַטן דעם א', ווײַל די
פֿאָרהאַנגען זײַנען ניט אויף די ריכטיקע ערטער.

2. דאָס וואָס מע הענגט אום; פֿאָרהאַנג. איין א, אַרום בײדע פֿענצטער. מסז פֿאַרטײַטשט 'ואת המשכּן תּעשׂה עשׂר יריעת, (שמות, כו, 1): „אום הענג“ [תּי: „פֿאָרהאַנגען־]. אַזוי אויך ־)בּ, יד/א: „ירײַעה — אום האַנג“. רשיס ' ויריעות מלמעלן, צו יהושע, יח, 1 גיט סהמ איבּער: „אום הענג וואַרן פֿון אובן“. „כּי הנה היריעה בּיד הרוקם — אַזוי ווי אַן א, וואָס זי איז אין דער האַנט פֿון דעם בּעל־מלאָכה“, מחזור לימים נוראים, סלאַוויטע 1832.

3. אַרומהאַנג, אויסשפּרייט פֿון צונויפֿגענומענע שמאָלע פּאַסן (פֿון וואָל, פֿעל, לײַוונט אאַ). בּאר־התּורה, בּאר משה פֿאַרטײַטשט 'קלעים, (שמות, כז, 9): געפֿלאָכטענע „אום הענג“. אַזוי אויך חנוך נערים, ווילנע 1868. „די זאָלן זיך גרויס און בּרייט אויסציִען איר א, דאָס געצעלט“, צור, הפֿטרת נח. „די הימל האָט ער געשפּאַנט אַלס ווי איין א'“, מחזור, פֿפֿדמ 1885, ח“א, 22; „און די א, פֿון הימל וואָס הייסט מעון“, דאָרטן, ח“בּ, 201. 4. אַרכ. פֿאַרנעם. „צו מעסין...דען אום הנג [פֿון די] גלידר“, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש, [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718.

5. על. שלייער, כּלה־שלייער. „דער א, פֿאַר

ס'פּנים עשׂ אַך שאָו גערעשט [= איז אויך שוין געגרייט],,, כּלה־ליד ־□□.□□h־.□.□□□□.]

.[□1 ,1907 □□□□,□□□h□□□

אומהאַנדלונג — די. מצ נבֿ. נעאָל. היפּוך פֿון האַנדלונג. דאָס ניט־טאָן. ,,מיר [האָבּן]...געזען... דעם 'קריסטלעכן חסד, פֿון דער גאַנצער וועלט — אין פֿײַנדלעכער און פּאַסיווער א'", יג, איק, 29 5 19□ I.

אומהאַנדלסמעסיק — אַדי. (סוחריש) וואָס איז ניט אַזוי ווי עס פֿירט זיך אין האַנדל. א'ער אָנבּאָט. ־יקייט.

אדמהאַנדלען — אוטוו. ־דל אום, ~געהאַנדלט.
1 פּאַרנעמען זיך מיט האַנדל אַ לענגערע צײַט.
.
2. האַנדלען און בּײַטן איין אַרטיקל אויפֿן צווייטן; זיך אַריבּערוואַרפֿן פֿון איין בּראַנזשע צו דער צווייטער. א, מיט תּבֿואה, מיט וואַלד (און מיטן נעכטיקן טאָג). ,,א, מיט תּבֿואה און אײַזן — און ניטאָ מיט וואָס זיך (צו) שפּײַזן", ווערטל בּײַ סוחרים, הענדלעוס. ־עניש.

אומהאַנט — דער, מצ ~הענט. לאָקל (אַנעי
ווע, ליטע). ניט קיין גוטער געהילף. ניט קיין

פּאַסיקע האַנט בײַ דער אַרבעט;
אומגעלומפּערטער מענטש וואָס טויג זיך ניט אויס צו דער אַרבעט. אַן א, מיט צוויי לינקע הענט.
אומהאַנטיק — אַדי. ניט־אויסטויגעוודיק.
ניט־בריהש. [פֿרנל: ניט האַנטיק = ניט צו דער האַנט, ניט באַקוועם בײַ (פֿאַר) דער אַרבעט].
אומהאָפּסלען — אוטוו. ־סל אום, ~ געהאָפּסלט. אַ לענגערע צײַט שפּרינגען, אונטערטאַנצן. א, איבערן צימער. ־עניש.
אומהאָפּ(ק)ען — אוטוו. ־פּ(ק)ע אום, ~ געהאָפּ(ק)עט. אַ לענגערע צײַט אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער שפּרינגען, טאַנצן אָן אַן אָפּשטעל. ־עניש.

אומהאַפּטיק

-

אומהאַסטיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין

האַפּט. ניט־שטאַרק, ניט־פֿעסט; ניט־דויערנדיק.
א'ע פֿרײַנדשאַפֿט ־יקייט — אַ וואַקלדיקייט,

.

אַן א'.

-

אומהאָסענונג — די, ־ען. היפּוך פֿון
האָפֿענונג; פֿאָרגעפֿיל פֿון שלעכטס וואָס וועט קומען.
„מאַכט ער צו נישט אונדזערע...א'ען", צײַט,
טמן, 24 1▯19 IX.
או'מהאָ'פֿערדיק — אַדי. ניט־געגנוג פֿעסט,
זיכער אין זיך; וואָס איז אָן שטאָלץ, אָן
תּקיפֿות. דורכגעטראַכטע, אָבער שטילע און א'ע
רייד. ־יקייט.
אומהאָצקען (זיך) — פּפֿ פֿון אומהאָטשקען
(זיך) ←..
אומהאַקן — טרוו. האַק אום, ~געהאַקט.
1. אַרומהאַקן, אָפּהאַקן פֿון די זײַטן אַרום און
אַרום. א, די צווײַגלעך. 2. אַרומשערן,
אַרומשנײַדן, מאַכן קירצער. א, די פּאות.
3. אַראָפּהאַקן. „איין בוים דער צווייארלייא
(פּירות) טראָגט זאַל מן אום האַקן", איבּז פֿון
ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, פּפֿאַ תּקנ"ט.

4. כסדר, אַ לענגערע צײַט האַקן, קלאַפּן. א,
אין בּאַראַבּאַן אַז דער קאָפּ ווערט צעטראַסקעט.
־עכ￼ן. ־עניש. ־ערײַ.
אומהאָר — די. מצ ווי אצ. האָר אויף אַן אָרט
וואו עס דאַרף קיין האָר ניט זײַן. אויסצופּן א'.
אַ בּראָדעווק￼ מיט א'.
אומהאַרטעווען — טרוו. ־טעווע אום, ~
געהאַרטעוועט פֿאַרהאַרטעווען; האַרט מאַכן פֿון
— .
אַלע זײַטן. א, די פּאָדקעווע, די שטאַבּע. א,
די זוילן.
אומהאָריק — אַדי. וואָס האָט גאָרניט קיין
האָר [פֿרגל: ניט־האָריק = אויך: מיט ווייניק
האָ￼]. א', גלאַט ווי אַ לאָקשנבּרעט.
אומהאַרמאָניע — די, ־ס. 1. דיסהאַרמאָניע,
דיסאָנאַנס (מוזט). 2. מעט. אַן א, אין
משפּחהלעבּן, אין אַ געזעלשאַפֿטלעכן קרײַז. לעבּן אין
א, ווי אַ הונט מיטן שטעקן.
אומהאַרמאָניש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
על־פּי האַרמאָניע (מוזט). 2. ניט־בּשלומדיק,
ניט־צוגעפּאַסט. „האָט באַשטעטיקט, אַז מע
דאַרף ייִדן ווי אַן א'ן ראַסע־געמיש, שאַרף
,

אונטערשיידן פֿון די מענטשן", מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן קייט — אַן א, וואָס פֿטרט
.
אַוועק דעם אײַנדרוק.
אומהאָרעווען — אוטוו. ־רעווע אום, ~
געהאָרעוועט. האָרעווען, שווער אַרבעטן אַ לענגערע
צײַט (אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער, אָדער בײַ
פֿאַרשיידענע אַרבעטן). א, און זיך מאַטערן אַ
לעבן לאַנג.
אומהאַרציק — אדי. וואָס האָט (בינדט זיך)
ניט (מיט) קיין טיף געפֿיל [פֿרגל די ריי: ניט
האַרציק, אומהאַרציק, ניט־האַרציק,
האַרצלאָז(יק)]. אַן א'ע באַציאונג. א'ע מוזיק.
־יקייט.

אומהבנה — [...האַוואָנע] די. מצ נב.
אומפֿאַרשטענדעניש, אומפֿעאיקייט צו באַנעמען. זיך
אָנשטויסן אויף אַן א'.

אומהברה — [...האַוואָרע] די, ־רות. נעאָל.
ניט־פֿינקטלעכע, ניט־גוטע הבֿרה, סיסטעם פֿון

אַרויסרייד. "די ספֿרדישע הבֿרה, אָדער בעסער געזאָגט — די ספֿרדישע א'", רייד.
אומהדרכה — [...האַדראָכע] די. מצ נבֿ.
אומפּאַסיקע דערציאונג. „ס'איז ניט פֿון שלעכטס חלילה, נאָר פֿון א'„, רייד.
אומהדרת־פּנימדיק — [האַדרעס־פּאָ'נימ...] אַדי. וואָס איז אָן הדרת־פּנים. וואָס דאָס אויסזען איז ניט ווי בײַ אַ חשובֿן מענטשן. אין פֿײַנע מלבושים, אָבער אָן אַ באָרד און א'. ־יקייט.
אומה הישׂראלית — די. מצ נבֿ. דאָס ייִדישע פֿאָלק. קאַל ווב. ← אומה ישׂראלית.
אומהובל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אום, ~געהובל(י)עוועט. 1. אַ לענגערע צײַט אָדער עטלעכע מאָל באַאַרבעטן מיט אַ הובל. א, די ברעטער פֿאַרן טיש. 2. הובלעווען פֿונדאָסנײַ, איבערהובלען. א, ווײַל ס'איז נאָך שאָרסטקע. 3. מעט פֿאַרריכטן, סתּם באַאַרבעטן עפּעס כּדי צו ברענגען צו שלימות. א, אַ ווערק. 4. מאַכן לײַטיש. א, אַ דאָרפֿסמאַן.

אומהובלען — טרוו. ־בל אום, ~געהובלט.
← דפֿוו, ספּעצ ב2.
אום◌וזשען
— אוטוו ־זשע אום,
(י)ען.
~ .
געהוזשעט. אויך: ~הודזשען, ~הודז
1. אָנאָמ. רוישן אַ לענגערע צײַט אָדער פֿון
צײַט צו צײַט. א, ווי די טעלעגראַף־דראָטן.
2. פֿיג. זיך טומלען אָן אַ צוועק, זיך קהלן
אומגעבעטענערהייט. ־עכ◌ן. ־עניש.
אומהוידען — טרוו. ־דע אום, ~געהוידעט.
אַ לענגערע צײַט וויגן, שאָקלען אַהין און
צוריק, אַרויף און אַראָפּ. מיט ז י ך — אוטוו.
„ווי עס וואָלט זיך אויף תּליות אומגעהוידעט
קערפּערס שווער“, אַל, 'קיינמאָל מער'. ־עכץ.
־עניש.
אומהויזירן — אוטוו. ־זיר אום, ~געהויזירט.
לר. מיִ (?) פֿאַרנעמען זיך מיט הויזירן, גיין
מיט פּעקלעך סחורה פֿון הויז צו הויז כּדי צו
פֿאַרקויפֿן. א, מיט צעלניק.
או'מהוי'כגעאַכט — אַדי. אַרכ. וואָס מע
לייגט ניט אויף דעם קיין צו פֿיל אַכט; ניט
טײַער, ניט הויך געשאַצט. „אבר די כּלים דיא

און הויך גיאכט זײַן האבּן איין אנדר דין, דיא טאָר מן גאַר ניט מטלטל זײַן“, לט1, ע/א. [מעגלעך איסצוטײַטשן אויך: אומהויך געאַכט].

אומהוילן — אוטוו. הויל אום, ~געהוילט. אַ לענגערע צײַט הוילן, הײַלן, אַרויסגעבּן וויינענדיקע קולות (וועגן בעלי־חיים, זן וועגן קינדער). א, אין דער פֿינצטערער נאַכט ווי אַ הונגעריקע חיה.

אומהויקען — ← אומהאַווקען. לר.

הולטײַעוועט. אויך: ~הולטעוועו. זײַן אומהולטייעוועו — אוטוו. ־עווע אום, ~

גע(זיך פֿירן ווי) אַ הולטײַ (פֿאַדשווענדן געלט, שיכּורן, זײַן אויסגעלאַסן, פּוסטעפּאַסעווען) אַ לענגערע צײַט. א, טאָג און נאַכט. א, ווי פֿאַרן פּדיזיוו.

אומהוליען — אוטוו. ־ליע אום, ~געהוליעט. הוליען, זיך לאָזן וואוילגיין אַ לענגערע צײַט. א, טאָג און נאַכט. ״דעם גבֿירס זינדל הוליעט אום מיט די פּריצימלעך“. ־עניש.

אומהיילבּאַר

אומהולכן — [...הוי'לעכן] אוטוו. הולך אום, ~געהולכט. (מיט ביטול) אַרומגיין (אין מאָדנע אָדער שלעכטע מלבושים, פּוסט־און־פּאַס אָדער בכלל ניט אויף אַ גוטן אופֿן). א, קרוע־בלוע. א, איבער די גאַסן און יאָגן די הינט. [בײַ קאַל ווב — אומגיין].

אומה ולשון — [אומע ווײלאָ'שן] אָן אַרטיקל, קומט געווײנטלעך מיטן ווערב אין אצ. תּל. > שבת, קיח/ב; ביצה, כה/ב; מועד קטן, טז/ב אאַ. ,פֿאָלק און שפּראַך,. פֿאָלק; יעדער פֿאָלק חוץ ייִדן. בײַ קיין א, ול, איז אַזוינס ניטאָ. קיין א, ול, האָט אַזוי פֿיל ניט געליטן. ,,דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן ביי קיין א, ול"", דער יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. "וואו האָט איר נאָך אַזאַ א, ול, ווי ייִדן", שע, ' מילכיקס'. "אַ רעליגיעזע אַנטוויקלונג, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט בײַ קיין א, ול"", ב. ריווקין, א גלויבן פֿאַר אומגלייביקע.

או'מהומאַניטאַ'ר — אַדי. [אויך א'יש, נר]. ניט־מענטשנפֿרײַנדלעך. אומברחמנותדיקע, א'ע מעשׂים. —קייט.

או'מהומאַ'נ(יש) — אַדי. אוממענטשלעך. א'ע אַכזריותן. ־יטעט. ־(יש)קייט.

אומהונגערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געהונגערט פֿון צײַט צו צײַט אָדער אַ לענגערע
.
צײַט לײַדן הונגער. א, אין די קינדעריאָרן, אומשלעפּן זיך אויף די עלטערע יאָרן.
אומהוסטן — אוטוו. הוסט אום, ~געהוסט. הוסטן אַ לענגערע צײַט אָדער פֿון צײַט צו צײַט. ־עכץ. ־עניש.
אומהוקען — אוטוו. ־קע אום, ~געהוקעט. אָנאָמ פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען קלאַנ.
גען, ענלעכע צו הו־הו (געווײנלעך כּדי אָנצושרײַען אויף עמעצן). אַרומגיין אַ בּייזער און א'. ־עכ◌ן. ־עניש.
אומה זו — תּח. ,דאָס דאָזיקע פֿאָלק'. אָנהייבּ פֿון עטלעכע אַפֿאָריזמען וועגן ייִדישן פֿאָלק אין תּלמודישער ליטעראַטו◌ר. צווישן זיי: ,,אומה זו משולה לעפֿר ומשולה לכּוכבֿים,,, מגילה, טז/א =...איז געגליכן צו שטויבּ און געגליכן צו שטערן. [אויפֿן סמך פֿון בּראשית, יג, 16; טו, 5. דער דרוש אין גמרא: אויבּ דאָס פֿאָלק פֿאַלט, איז בּיז שטויבּ; אויבּ עס דערהייבּט זיך, איז בּיזן הימל.]
אומההלטה — [...האַכלאָטע] די, ־טות.

שלעכטער פֿאַלשער אָדער ניט־געַנוג קלאָרער
באַ,
שלוס. די א, פֿון דעד ערשטער אַסיפֿה.
אומהיגיעניש — אַדי. וואָס היט ניט אָפּ (איז
קעגן) די אָנווײַזונגען פֿון היגיענע. א'ע
באַדינגונגען. „אין באַלוט, אין...א'ן און אָרעמען
טייל פֿון שטאָט [לאָדזש]“, 'טאָז', שריפֿטן,
וואַרשע 1929. ־קייט.
אומהיטן — טרוו. היט אום, ~געהיט (אויך:
~געהיטן). היטן כסדר, אַ לענגערע צײַט אָדער
אין פֿאַרשיידענע ערטער. א'ע עמעצן ווי אַ קליין
קינד.
אומהיילבאַר — אדי. דטשמ [אין ליטרש].
וואָס מע קען ניט היילן. „איז בײַם פֿאָלק
פֿאַרשפּרייט די מיינונג אַז עפּילעפּסיע איז א'“,
פֿגעז, פּאַריז 1951 3, No־5. „אַן א'ער באָהעם“,
מוק, מײַנע באַגעגענישן I. ־קייט.

אומהייליק
אומהייליק — אַדי. 1. ניט־הייליק, אָפּט סוב.
מע) פֿאַרטײַטשט 'ולהבֿדיל בין הקדש ובֿין החל,
(ויקרא, י, 10): „דז און הייליגי“ [תּי: „...און
א'ן“]. סהמ גיט איבער 'אין לחם חל אַל תּחת
ידי, (ש מואל א, כא, 5): „ניט עס איז ברוט

אום הייליגשׂ צו אונטר מײַן האַנט“ [תּי:
,,וואָכעדיק ברויט“]. ,,שטערבן אונ, אין איין
און הייליג לנד ביגראבן ווערן“, מ. שערטילש,
ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, כ, 6. ,,לשון חול —
די אונהייליגי שפּראַך“, אליעזר זוסמן רודלסום
איבז, יודשר טרייאק, אַמשט 1737. ,,האָט ער
פֿיל בייז געטאָן פֿון וועגן ווײַן, ער איז וואָרן
געהייסן א',,, צוך. ,,גאָט האָט גענאָגט צו אַהרן
הכּהן: דו זאָלסט קיין...ווײַן ניט טרינקען —
דאָס ער זאָל קאָנען צווישנשיידן צווישן הייליק
און צווישן א'“, חה, ב, 304. ,,אויך די טאָוולען
וואָס דרינען אַ ספֿר איז אײַנגעבונדן מוז מען
האַלטן בכּבֿוד...טאָר מען זי ניט אַוועקוואַרפֿן
און ניט אין זיי אַרײַנלייגן אַן א'ע זאַך“, חא,
כח/א. ,,די פֿעלקער אונטער וועלכע מיר לעבן
הײַנט...ווייסן אויך דעם חילוק צווישן הייליק
און א'“, ארז, קמ, 8 1866, No.

2. וואָס האָט אין זיך שלעכטס. א'ע
פֿאַרשווערונג. א'ער בונד. 3. פֿאַרדאָרבן.
אויסגעלאַסן. ,,דוא זאלשׂט ניט אונקיישן...היישׂט זיא...
איין אונשטעטיגרין איין אונהייליגי“, בראַנט.

4. באר משה פֿאַרטײַטשט ,חללה מעשׂת
כּדבֿר, (בראשית, יח, 25): ,,אום הייליק“ [תּי:
,,חלילה דיר“].

אומהייליקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומהייליק. „און, צווישן היילקייט און, אום היילקייט האבּן זי ניט אונטר שיידן“, סהמ, יחזקאל, כב, 26.
[סאַרט ▯ שונג פֿון: 'בּיו קדש להל לא הבֿדילו,].
ן — אוטוו. הײַל אום, ~געהײַלט.
י

אומהיַי
דזוו אומהווילן ←.
אומהיילעוודיק — אַדי. נעאָל. אַנשטאָט אומהיילבּאַר. א'ע קראַנקייט ־יקייט.
.
אומהיימיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי אין דער היים פֿרעמדלעך, אומבּאַקוועם פֿילן זיך
. .
א, אויף אַ נײַער דירה, צווישן אומבּאַקאַנטע מענטשן. ־קייט — „וויפֿל אומקענטעניש און דערעיקר א, אין דער ייִדישער [געשיכטע] זי זאָל נישט אַרויסווײַזן“, ש. בּיקל, טמז, 1963 .III 15
אומהיימלעך — אַדי. 1. (אַ בּיסל) אומעטיק; וואָס איז אָן פֿרייד און נישט־בּאַקוועם. „א, איז שלמהלען די היים, ניט צום האַרצן איז דאָס שטעטל“, ממוס, שלמה „צו דעם גאַנצן

עשירות מיט אַלע גדולות וואַר דאָך זייער א, און ניט פֿריילעך אין זייער שטובֿ,,, יעקל לערער אויס לאָדז הנקרא יעקבֿ מאָרגענשטערן, ר, חצקעלע, וואַרשע 1882. ,,ווערט דודלען א'. אים דאַכט זיך, אין דער לופֿט פֿליִען קאָטשן,,, וויַס, 'דער איבֿערגאַנג'.

2. וואָס איז אַנדערש ווי געוויינלעך און דער פֿאַר דריקט עס אויפֿן געמיט. ,,און ווידער ווערט שטיל. דו הערסט בלויז ס'געפֿליסטער פֿון א־נאַקעטע הענט", רחל קאָרן, צוק, 1955, ם I.

3. שווערמוטיק, באַסריבֿט. א'ער אַנגסט, שרעק. אַן א, בילד. ,,פֿון שטיבל רײַסט זיך יאָמער און געשריי, ס'נעמט דורך די נשמה אַן

א, וויי", אַר, 'אַ ייִדישע פֿרוי'. "פֿליט אַ קעלט מיר דורך די גלידער, ווען זי טוט אַזוי א, איר געזיכט צו מיר אַ קער", אַל II, 'קיינמאָל מער'.

4. וואָס וועקט שרעק. א'ע געשרייען. ,,פֿון די אויגן שפּריצט אַן א'ער פֿײַער", י. באָוושאָווער, גש, נ"י 1911. ,,די מדבר עפֿנט זיך א', פּוסט און ווײַט", אפֿא, יעקבֿס געצעלטן. ,,אין אויג בײַ אים האָט אַ מטורפֿדיקער פֿלאַם א,

אויפֿגעבֿלענדט", י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטובֿ אין שטעטל. "די ציין זענען אים אַרויסגעפֿאַלן א'־גיך, ווי מע זעט עס אַמאָל אין חלום", בֿאש, פֿאָר, 16 IX 1961. קייט — „אַן א, לויערט, איז דאָ עפּעס געשען!", לאַפּין, צייכנס. „די אַלטע ווינטן האָבֿן גענומען אָנבֿלאָזן אַן א'", ימ, ליטע, נ„י 1957.

אומהיל — דער, ־ן. פּעלערינע; יעדער מין אייבערשטער בֿגד אָן אַרבֿל; אַ בֿגד זיך אַרומצוּוויקלען. "אָמנם לא לעשׂות שום אום היל דימשק ואַטליס מכּאן ולהבֿא בשום אופֿן הן איש הן אשה אם דל ואם עשיר„, 'תּקנות ועד שפ"ח', [1628], [שד, פּנקס מדינת ליטא, 0]. סהמ פֿאַרטײַטשט 'והמעטפֿות, (ישעיה, ג, 22): "אום היל קליידר" [תּי: „מאַנטלען"].

אומהילוך — [...הילעך, אויך:...היילעך] דער, ־ס (זן). שלעכטער אופֿן פֿון אַנטאָן זיך; צעריסענע און (אָדער) שמוציקע קליידונג. „זע סאַראַ א', אַ בֿזיון כ'לעבֿן!"

אומהילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומהילן. 2. אייבערשטער מאַנטל, פּעלערינע; אומהיל. „דא זאַל ער דיא כּלה ניט מיין אַז ב, בגדים מ[א]כין...און, איין אום הילונג און, נישט מיט גאָלד„, תּקק.

אומהילכיק — אדי. וואָס עס איז ניט
קלינגעוודיק, וואָס שאַלט ניט. דומפּע, א'ע קולות.
א, גערויש. א'ע קלאַנגען וואָס די שטימבֿענדער
ציטערן ניט בײַם אַרויסרעדן זיי (למשל: פּ, ק,
ט לגבּי בּ, ג, ד). ־יקייט.
אומהילכן — אוטוו. הילך אום, ~געהילכט.
אַ לענגערע צײַט אָדער אָפּט אַרויסגעבֿן
הילכיקע קלאַנגען. עס הילכן אום עכאָס צווישן די
בּערג. עס הילכט אום די קאַנאָנאַדע.
אומהילן — טרוו. היל אום, ~געהילט. אויך
מיט ז י ך. [איצט נאָר אין געהויבֿענעם לשון.]
1. אַרומוויקלען. א אַ לעגענדע אַרום עמעצן.

מלל פֿאַרטײַטשט 'עטה אור כּשׂלמה, (תּהלים,
קד, 2): „אום הילט„ [תּי: „וויקלט זיך“].
2. אײַנוויקלען, פֿאַרוויקלען. א, אין סודות.
סהמ טײַטשט אויס 'והרעלות, (ישעיה, ג, 19):
„און די איין וויקלונג, דאשׂ מיינט איין מאַנטל
דז מן זיך דר מיט אום הילט“. ספֿר החן, ווילנע
1868 פֿאַרטײַטשט 'ותּתעלף, (בּראשית, לח,

14): “אום הילט, פֿאַרוויקלט“ [תּי: “זיך
אײַנגעוויקלט“]. 3. בּאַדעקן, צודעקן. א, אין אַ נעפּל
פֿון הויכקלינגענדיקע רייד. “עיטוף — ער מוז

זיך אום הילן...על ראשו, דען עשׂ איז אָסור
צו גין איין תּלמירחכם אַרבּע אַמות בּגילו
ראָש, מיט אָפֿנין קאָפּ“, נצ1, בּמדבּר, כז/ד.
־עניש.

אומהיל▯ — די. מצ נבֿ. ניט־גענוגיקע, קנאַפּע
הילף. „מיר ווילן פֿון 'דזשאָינט, אמתע הילף,
ניט קיין א',„ רייד (פֿאַרצייכנט אין קאָוונע,
(1921).

אדמה▯נמה

אומהימליש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי
אויף דעם הימל. “די גריכישע געטער זײַנען
טאַקע געטער, אָבּער א'ע, ערדישע געטער“.
־קייט.

אום הימלס ווילן — פֿראַזע. מייִ. דזוו אום
גאָטעס הימלס ווילן ←, אום גאָטעס ווילן ←.

אומהינטיש — אַדי. וואָס איז ניט כאַ▯
יאַקטעריסטיש פֿאַר אַ הונט. מיט אַן א'ן, מע קען
זאָגן שטאָלצן בּליק.

אומהינקען — אוטוו. הינק אום, ~גער▯ונקעו
(~געהינקט). אַרומגיין הינקענדיק. א, אויף אַ
פֿוס; א, אויף אַ קוליע.

אומהיסטאָריש — אַדי. וואָס איז □ יט־
געשיכטלעך, ניט לויטן גײַסט פֿון געשיכטע. „די
גאַנצע...געשיכטע...האָט זיו אויסגעוויזן אַזוי
פֿאַנטאַסטיש, אַזוי א'“, קאָר II. “זײַן א'ע
קאָנצעפּציע פֿונעם שטאַט“, דר, אַבֿרהם זוהל, ייִבֿל
□X. ־קייט.
אומהיסטעריש — אַדי. וואָס איז אָן
אַרויסוווּיז פֿון היסטעריע. בעת אַ פּאַניק זײַן א'.
־קייט.
אומהיפּאָקריטיש — אדי. וואָס איז אָן
צבֿיעות. אָפֿן און א'. ־קייט.
אומהיפּנאָטיזירן — טרוו. ־זיר אום, ~
היפּנאָטיזירט. נעאָל. אַרויסבדענגען פֿון
היפּנאָטישן צושטאַנד. „א, איז גרינג, אָבער ניט ווען
מען איז פֿאַרהיפּנאָטיזירט פֿון אַן אידיי(ע)“,
רייד.
אומהיפּ(ער)ן — אוטוו. היפּ(ער) אום, ~
געהיפּ(ער)ט. אומשפּרינגען, אַרומשפּרינגען;
איבערשפּרינגען. א, אויף איין פֿוס.
אומהיציק — אַדי. היפּוך פֿון היציק. געלאַסן,
רואיק. זײַן א, בײַ אַ וויכּוח. ־יקייט — אַ
געלאַסנקייט, אַן א'.
אומהיצן זיך — אוטוו. היץ זיך אום, זיך
~געהיצט. אַ לענגערע צײַט זיך היצן, זײַן

אויפֿגערעגט און שטורעמדיק טענהן, מיט ברען
פֿירן אַ וויכּוח. א, זיך מכּוח עפּעס אַ
קלייניקייט.

אומהיקען — אוטוו. ־קע אום, ~געהיקעט.
1. דזוו אומהוקען ←. 2. שטאַמלען פֿון צײַט
צו צײַט. ־עניש.

אומהירזשען — אוטוו. ־זשע אום, ~
געהירזשעט. אַ לענגערע צײַט, אָפּט אַרויסגעבן
קלאַנגען (וועגן אָדער ווי פֿערד); כּסדר לאַכן מיט
אַ הירזשערײַ. ־עכץ ־עניש.

.

אומה ישׂראלית — [אומע ייִסראָאיי'ליס] די.
מצ נב. צב. ייִדיש פֿאָלק. „עס איז אויך דאָ
לײַט פֿון אונדזער א, י, וואָס האַלטן זיך
אויך...„, ר, מכּיר, ספֿר אבֿקת רוכל, לעמבערג
.1850

אומהכּבֿדה — [...האַכבאָ'דע] די, ־דות. דאָס
וואָס באַשווער(יק)ט ניט, באַלעסטיקט ניט. „איר
דאַרפֿט ניט אַזוי שטאַרק בעטן פֿאַר מיר איז
- - -
,
עס אַן א„„ פּב.

אומהכּנסה — [...האַכנאָסע] די, ־סות. (
סוחריש) דאָס פֿעלן פֿון פֿאַקטישער הכּנסה. „
אויבנאויף זעט זיך עס אָן ווי אַ פֿאַרדינסטל, אָבער

ווען מע רעכנט אַרײַן די הוצאָת־הדרך — איז עס אַן א',,.

אומהכנסהדיק

אומהכנסהדיק — אַדי. סטוטש. וואָס בּרענגט ניט אַרײַן קיין הכנסה, קיין רווח. אַן א, געשעפֿט. אַן א'ע אַרבּעט פֿאַרן טײַוול.
אומהכנעהדיק — [...האַכנאָ'ע...] אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך קיין הכנעה. ווערדיק. האַלטן א זיך א, אויך פֿאַרן בּעל־הבּית. ־יקייט.
אומהלכענען — [...האַלכענעה אוטוו. הלכע, הלכן אום; ~געהלכעט, ~געהלכנט. 1. דזוו א אומהוֹלכן ←. 2. פּעיאָ ווענן אומגיין, אַרומגיין.
אומהמצאהדיק — [...האַמצאָ'ע..◌] אַדי. וואָס איז אָן אַ המצאה, אָן אַ גוטן אײַנפֿאַל. טריט נאָך טריט לויטן אָנגעוויזענעם דרך, א, און פּאַמעלעך.
אומהמשכדיק — [...הע'משעכ...] אַדי. וואָס א ציט זיך ניט כּסדר ווי איין אַנטוויקלונג־ליניע. אַן א'ע געשיכטע, מיט ריסן און שפּרונגען. א'ע ליטעראַטור. ־יקייט.
אומהנאהדיק

— [...האַנאָ'ע...] אַדי. וואָס איז
א
אָן הנאה פֿאַרגעניגן, נחת־רוח. פּטרן צײַט א,
,
און נאָך צוצאָלן פֿאַר דעם.
אומהסבּרה — [...האַסבּאָ'רע] די, ־רות.
ניטפֿינקטלעכע, שלעכטע אויסטײַטשונג;

אומגעראָ,,וויל ער עפּעס מסבּיר זײַן, קומען נאָר אַרויס א
טענער פּרווו מסבּיר צו זײַן, אויפֿצוקלערן.

לאַנגע א'ות".
אומהסכּמה — [...האַסקאָ'מע] די, ־מות.
ניטצושטימונג; אויסדרוק פֿון ניט געבּן אַ הסכּמה א
(אָדער ניט קיין פֿולע הסכּמה) פֿונדעסטוועגן
. ,,
איז פֿון די קאָרעקטורן גאָרנישט נישט
דורכגעפֿירט געוואָרן. מע קען נישט זאָגן אַז דאָס א
קען זײַן מחמת א'", ח. גינינגער, ייִבּל 3 ,XIII־4.
,,דער בּריוו האָט אַרויסגערופֿן [זײַן]
שאַרפֿע א'", לע, טמז, 10 ▯ 1963 II. א
אומהעבּרעאיש — אַדי. וואָס איז ניט אין
גוסט (גײַסט) פֿון העבּרעאיש; ניט על־פּי דעם א
אײַנגעשטעלטן נוסח אין העבּרעאיש. אַן א'ע

ווערטער־פֿאַרבינדונג. א'ע איבערזעצונגען פֿון א
ייִדישע אידיאַמען.

או ל — אַדי. 1. ניט־העל (אָבער ניט
או שקען — ← אומהאָטשקען.

אינגאַנצן טונקל). מאָלן בילדער אין א'ע
קאָלירן. 2. ארמקלאָר. וו א
דערן אין א'ע טענער.
ס רופֿט ניט אַרויס קיין
פֿריידיקע שטימונג. ש
אַן א'ער באַריכט ־קייט.
.
אומהעלד — דער, ־ן. ווער עס ווײַזט ניט
אַרויס קיין העלדישקייט. דורכשניטלעכער
א
אין די ערגסטע צושטאַנדן בלײַבן אינערלעך
מענטש. „און גראָד די אַזוי־גערופֿענע א'ן זאָלן

ניט צעשטערט„, הל, טאָג, 1955 I י 25.
אומהעלדיש — אַדי. וואַס איז ניט
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ העלד. זיך אויפֿפֿירן א'.
־קייט. א
אומהענג — דער, ־ען. פפֿ צו אומהאַנג ←.

זן. ,,אבֿר דשׂ (אָרון הקודש) וואַר ניט דא, דען (ירמיהו הנבֿיא עליו השלום) הט עז גנומן מיט אַלי די אום הענגן די משה רבֿינו ע״ה גמאַכט האָט,,, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, יב/ד.
אומהענגען — הענג אום, ~געהאַנגען (~גע־ א האָנגען). אוטוו — הענגען אַ לענגערע צײַט.

5'

לײַלעכער הענגען אום און בֿאָמבֿלען זיך אויפֿן ווינט. טרוו   אַרומהענגען, בֿאַהענגען. א, די

וועגט מיט בֿילדער. ,,אויך זאָל מן די בֿישמירטי קליידר ניט פֿר לײַטן אום הענגן,,, בֿראַנט.

ומהעסטן — טרוו. העפֿט אום, ~געהאָפֿטן.
ארומהעפֿטן; נאָכאַמאָל צונויפֿהעפֿטן. א אַ
,

טיכל, טישטעכל.
ומהעפֿלעך — אדי. ניט (גענוג) איידל, ניטטאַקטיש, ניט־דרך־ארצדיק. א'ע בעלי־בתּים, געסט. זיך אויפֿפֿירן א'. „קיינר זיך אונטר שטיין זאלי...איין קונה בשוק הן יהודים או אינו יהודים און גצימט או און היפֿליכי וואַרטן צו געבן“, 'פֿראָגער תּקנות קעגן לוקסוס„ תּקכ“ז. [בּ. וואַכשטיין, ייִבל, I). ־קייט.
ומהעצן — טרוו. העץ אום, ~געהעצט. העצן אַ לענגערע צײַט אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער. אַרומפֿאָרן איבער דערפֿער און א, און אויפֿהעצן די פּויערים ־עכץ ־עניש.

. .

־ער. ־ערײַ.
ומהעצקען—. טרוו. ־קע אום, ~ געהעצקעט. פֿפֿ: ~האָצקען, ~האָטשקען, ~העטשקען. 1. ← אומהאָטשקען. 2. גוטמוטיק אָפּלאַכן, חוזקן, נעמען אויפֿן צימבל. א, דעם יאָלד. ־עניש.
ומהעקלען — טרוו. ־קל אום, ~געהעקלט. אַרומהעקלען; אומהעפֿטן (←) מיט אַ העקלנאָדל. א אַ טישטעכל.

,

ומהעקערן — טרוו. ־ער אום, ~געהעקערט.
1. אַרומגיין און פֿאַרקויפֿן לאחדים. 2
פֿאַר.
קויפֿן לאחדים אַ לענגערע צײַט.
ומהעראָאיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ
(ווי עס פּאַסט) אַ העלד. אויפֿפֿירן זיך א', כמעט
פּחדניש. ־קייט.
ומהערבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומהערעוודיק. ־קייט.
ומהערלעך — אדי. וואָס איז אָן שיינקייט,
אָן פּאַראַדנעקייט. א, און וואָכעדיק ־קייט.
.
ו'מהע'רעוודיק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
1. וואָס מע קען ניט הערן, דערגייט ניט צום
געהער. שטילע, א'ע קלאַנגען. 2. וואָס עס
לאָזט זיך (מע דאַרף) ניט הערן. גראָבע א'ע
וויצן. ־יקייט.
ומהערשאַפֿט — די, ־ן. 1. שלעכטע
הערשאַפֿט; שלעכטע אָנפֿירונג. א, פֿון דיקטאַטור.
א, אין פֿאַראיין. 2. הפֿקרדיקייט, דאָס וואָס איז
אָן שום הערשאַפֿט. אַ ווילדע משפּחה מיט אַן
א,.
ומהערשעווען — אוטוו. ־שעווע אום, ~
געהערשעוועט. הערשן מיט תּקיפֿות אַ לענגערע

צײַט (איבער אַזוינע וואָס מע האָט אויף דעם ניט קיין רעכט); הערשן מיט בײזקייט. א, איבער אַלץ און אַלעמען. א, ווי אַ מי־שׂמך'ניק.
ומהעשען — אוטוו. ־שע אום, ~געהעשעט.
1. אַ לענגערע צײַט שוועד אָטעמען (ווי בײַ לויפֿן אָדער בײַ און נאָך אַן אָנשטרענגונג). א, נאָך אַ פֿאַרמעסט אין לויפֿן. 2. אַ לענגערע צײַט כליפּען. דאָס קינד קען ניט אויפֿהערן א'. ־עניש.
ומהפֿסקדיק — [...הע'פֿסעק...] אדי. וואָס איז אָן אַ הפֿסק, אָן אַן איבעררײַס. א, לערנען;

או'מוואוי'לגענייגט

א, זאָגן תּהילים. „די גאַנצע קולטור שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן א'ן גאַנג צו האָמאָקראַטיע ״, ברידער גאָרדין, טריאומפֿעדיע, ווילנע 1914.

-

אומהססקהדיק — [...האַפֿסאָ'קע...] אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ הפֿסקה; וואָס קומט פֿאָר כסדר, דורכאַנאַנד. לערנען א, דרײַ שעה נאָכאַנאַנד. „איז דען אונדזער גאַנצע גלות־עקסיסטענץ

גופֿא ניט אַ דורך־און־דורכיקער א'ער
ווידערשטאַנד אַקט?,,, י. עפּרויקין, קדושה און גבֿורה
-

בײַ ייִדן.
אומהצלהה — [...האַצלאָ'כע] די, ־חות.
אומדערפֿאָלג ← פֿירן געשעפֿטן מיט א, ־דיק
. .
— אַדי. דורכפֿירן אַן עקספּערימענט א,.
אומהשגהה — [...האַזשגאָ'כע] די, ־חות. דאָס
וואָס איז אָן אויפֿפּאַסונג, אָן אויפֿזיכט. ,,ס'קינד
ווערט דערצויגן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון א',,.
אומהשפּעהדיק — [...האַשפּאָ'ע...] אַדי. וואָס
איז אָן השפּעה, ווירקונג, אײַנפֿלוס. א'ע רייד,
געדאַנקען אע. ־יקייט.
אומה שפֿילה — [אומע שפֿיילע] די, ־מות
־לות. צב. מאָראַליש (גײַסטיק) נידעריק פֿאָלק;
נידערטרעכטיק פֿאָלק. ,,און ער וועט הערן,
אַרמילוס הרשע, אַז עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ
מלך צו ישׂראל, וועט ער זאָגן: ביז ווי לאַנג
נאָך וועט די א, ש אַזוי טאָן?...און וועט קומען
,
מלחמה האַלטן מיט משיח,,, ר, מכּיר, ספֿר
אבֿקת רוכל, לעמבערג 1850.

אומהשׂגה — [...האַסאָ'גע] די, ־גות. פֿאַלשע, פֿאַרדרייטע השׂגה. „דאָס איז ניט דער ריכטיקער באַגריף און ניט דער באמתדיקער באַנעם פֿון ענין, ס'איז אַן א'„.

אומוואָגלען — אוטוו. ־גל אום, ~געוואָגלט. אויך מיט ז י ך. וואָגלען, וואַנדערן, זײַן נעונד אַ לענגערע צײַט. „אָס אַזוי האָסטו דיך אויך אומגעוואָגלט אין דײַן יוגנט“, ממוס, שלמה. „בבֿא, אַ באַהאַרצטער העלד וואָס האָט אומגעוואָגלט אַ לאַנגע צײַט“, מוו, די שוואַרצע פּינטעלעך. „און א, פֿלעגט דער געפֿאַלענער ניגון דורך אַלערליי מײַלער„, יהואָש, 'דער ניגון'. „ערגעץ אין הוילן שוועבט אום, וואָגלט אום אַ נשמה אין הוילן, אַ גלגול פֿאַרשוועכט“, אָל II. „דער שם המפֿורש שלאָגט פֿון כוחות זיך אַרויס, ער וואָגלט אום צווישן די מײַדאַנעק־ריגלען אויוון־אײַן און אויוון־אויס“, הל, 'מײַדאַנעק־אײַן, מײַדאַנעק־אויס, ־ונג ־עניש.

. .

אומוואָגלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער עס וואָגלט אום. אַן אומרואיקער א, איבער דער וועלט. ־ערײַ.

אומוואויל — אַדי. דטשמ. נר. ניט־געזונט. „ער איז עפּעס אין וועג, שׂונאי ציון, א,

געוועזן, ער האָט זיך פֿאַרקעלטעט", קמ, 1868, No 7. ,,— ליבע מאַמעלע! מיר קרענקט זייער וואָס דו ביסט א', מיר וואָלט זיך וועלן אַלע טאָג צו דיר קומען", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
אומוואויל — דער (?), ־ן. דאָס וואָס איז ניט וואויל. ,,א, מיט אַ כּישוף־וואָרט פֿאַרוואוילט,,, אפֿא, גילדענע שקיעה.
או'מוואוי'לגענייגט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין גוטע באַציאונג. אומגינציק. א, צו עמעצנס אַ בקשה. אַן א'ער אָפּרוף ־קייט.

.

או'מוואוי'לקלאַנג
או'מוואוי'לקלאַנג — דער, ־ען. מוזט. מוזיקאַלישע אומהאַרמאָניע; קאַקאָפֿאָניע. ־יק — אַדי. ־יקייט.
אומוואולגאַר — אַדי. ניט־וואולגאַר (אָבער אויך ניט איידל). ס'איז א', אָבער אַזוי אומאינטערעסאַנט און גרוי. ־קייט.
אומוואונדן זײַן — אַרכ. אַרומגעוויקלט זײַן. ,,ווער אום וואונדן איזט מיט דעם קלייד פֿון (בושה),, [לק: 'מי שעטתהו מעיל הבשת'], ספֿר מבחר הפּנינים, הומבורג תצ,,ט, טו/א.

או'מוואָיעוואָ'דעווען — אוטוו. ־דעווע אום, ~(גע)וואָיעוואָדעוועט. סל. זיך אויפֿפֿירן מיט תּקיפֿות ווי אַ שׂררה, אַ וואָיעוואָדע. א, און פֿירן די גרענדע בּיד רמה.

או'מוואָיעווען — אוטוו. ־יעווע אום, ~ געוואָיעוועט. אויך: ~וואָיאָווען. 1. זײַן ווילד כּסדר, אַ לענגערע צײַט; זיך אַרומשלאָגן. א, מיט די קינדער. 2. אַרויסווײַזן אַגרעסיווקייט; פֿירן מחלוקתן, אַרומרײַסן זיך. א, מיט דער גאַנצער וועלט.

אומוואָיען — אוטוו. ־יע אום, ~געוואָיעט. אָפּט אָדער אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבּן קלאַנגען — וועגן (אָדער ווי) הינט, וועלף, שאַקאַלן אע. א, גאַנצע נעכט. א, ווי אַ הונגעריקער וואָלף. ־עניש.

אומוואַך — אַדי. ניט אינגאַנצן וואַך; וואָס איז אין צושטאַנד פֿון האַלבּ־שלאָף. „איך בּין נעווען א,. איך האָבּ יאָ געהערט עפּעס, אָבּער ניט בּאַנומען פֿונוואַנעט עס קומט און וואָס דאָס בּאַטײַט,„ רייד. ־קייט.

אומוואַכזאַם(קייט) — דטשמ. ← אומוואַכעוודיק(ייִט).

אומוואַכיק, ~וואַכעוודיק — אַדי. נעאָל. ניט־געַנוג אָנגעשפּיצט, ניט־גענוג אויף דער

וואַך, ניט־געַנוג אָפּגעהיט אָדער אויסגערעכנט
(בײַם דורכפֿירן אַן אַרבעט, אַ שליחות). זײַן
א, אויף אַ פּאָסטן און פֿאַרזען וויכטיקע ענינים.
־יקייט — א, פֿירט צום פֿאַרזען די אַרומיקע
ט □ ננות.
אומוואָכעדיק — אַדי. וואָס איז אַנדערש ווי
במשך פֿון דער וואָך, ווי דאָס געוויינלעכע,
אָבער דאָך ניט יום־טובֿדיק. א'ער מאָלצײַט.
א'ע רייד. ־קייט.
אומוואָלאָטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך
אום, זיך ~געוואָלאָטשעט. אַרומשלעפּן זיך;
נאָכלויפֿן פֿרויען (אָדער מענער); אַרומדרייען
זיך פּוסט־און־פּאַס. „און די שטיפֿמאַמע האָט
זיך שוין וויניק געקימערט אום איר
אומוואָלאָצען זיך“, אמד, די שטיף מיידעל, ווילנע
1876. ־עניש.
אומוואַלגערן — טרוו. ־גער אום, ~
געוואַלגערט. 1. אַנידערוואַרפֿן; ברענגען צו אַ
ליגנדיקער פּאָזיציע דורך וואַרפֿן. א, אַ טיש, אַ
בענקל. „פּאַוואָליע, אָט וואַלגערט איר אום אַ
ייִדן!„, שע. 2. זיגן אין אַ געראַנגל. “איצט
וועט שוין גאָרניט זײַן אַזוי גרינג אים א, פֿון
די פֿיס“, בערג, בײַם דניעפּער I. 3. וואַרפֿן,
קויקלען אע פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. א, אַ

פֿעסל, אַ טונכל.
4. אַוועקלייגן, דערהרגענען (געוויינטלעך

וועגן אַ פֿערד). „די אַלטע קליאַטשע טויג שוין צו גאָרנישט, זי דיכעט קוים, מע דאַרף זי א'"'.
5. אומוואַרפֿן; אומלייגן. דעמאָלירן. „נאָר אַזוי ווי קיין שול וואַלגערט מען ניט אום, וואָלט איך געהייסן, מע זאָל איבערשיטן די ווענט„, שע, פֿון כתרילעווקע. 6. דזוו אומוועלגערן ←.
אומוואַלגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
נעונד זײַן, ניט האָבן קיין מקום מנוחה. ניט האָבן קיין היים. א, זיך פֿון אָרט צו אָרט. א, זיך אין דער פֿרעמד. א, זיך ווי אַ הונט. „[יהויקים] האָט זיך אום גוולגרט אין דער קעלט און, היץ טאָג און, נכט", סהמ, ירמיה, כב, 10. „זי האָט זיך אומגעוואַלגערט אַ וואָך אין דער שטעטל, אַ וואָך אין דער אַנדערער שטעטל„, אמד, שבתי צבֿי, ווילנע 1882.
2. אַ לענגערע צײַט ליגן און זײַן איבעריק. „וואַלגערן זיך אום ווי די נבֿלות פֿון טויטע פֿערד", צײַט, מטטרון. *א, זיך אין די גאַסן = אויך: זײַן זייער אַ סך, מער וויפֿל מע דאַרף.

3. אַ לענגערע צײַט קײַקלען זיך, דרייען זיך. א, זיך אויף דער פּאָדלאָגע. *א, זיך אין בעט (די בעטן) = אויך מיט סעקסועלן ב. 4. אײַנפֿאַלן, צעשיטן זיך. „פּונקט ווי עס זאָל פֿון מײַנעם אַן אומפּאָרזיכטיקן צוריר זיך א, מיט אַ דונער אָט דאָס גאַנצע געבײַ“, י פֿאַליקמאַן,

.

סאָוו היימלאַנד, מאָסקווע 2 1962, No. ־ונג. ־ניש.

אומוואַלואירן — טרוו. ־איר אום, ~ וואַלואירט. בײַטן די וואַלואַציע, דעם ווערט פֿון געלט, פֿון דער לאַנד־וואַלוטע. א, דעם פֿראַנק. ־ונג.

אומוואַליען — טרוו. ־ליע אום, ~געוואַליעט. סל. 1. אומוואַרפֿן, אײַנוואַרפֿן. א אַ חורבֿה.

,

דער שטורעמווינט האָט אומגעוואַליעט עטלעכע ביימער. 2. אומוואַלגערן ←. א, עמעצן אין גערוואַנגל.

אומוואַליען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו אומוואַלגערן זיך. שיכּורערהייט זיך א, אין אַלע רינשטאָקן. ־עניש.

אומוואַלצן — אוטוו. וואַלץ אום, ~געוואַלצט. אַ לענגערע צײַט טאַנצן אַ וואַלץ. א, איבערן זאַל

מיט דער זעלביקער טענצערין.

אומוואַלצן — טרוו. ← דפֿוו. נאָכאַמאָל דורכפֿירן שטאָף דורך (אויף) וואַלצן. א, וואָלענע טיכער.

אומוואָלקענען — טרוו. ־קן אום, ~ געוואָלקנט. אַרומנעמען (אַזוי ווי) מיט אַ וואָלקן. "זיבן ליכטא וואולקן די הבן אין אום, וואָלקן", כ"י 1382, ז, 9.

אומוואַנדל — דער, ־ען. דזוו אומוואַנדלונג. „בײַם א, פֿון די אַלגעמיינע...לעבנספֿאָרמען", טאָז, וואַרשע 1 1929, No־2.

אומוואַנדלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס קען זיך ניט בײַטן; וואָס בײַט זיך ניט. „דאָס גלויבן אין...א'ן גאָט", דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897.

אומוואַנרלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אומוואַנדלען, אוטוו. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומוואַנדלען, טרוו פֿאַרוואַנדלונג, איבערגע. שטאַלטונג, טראַנספֿאָרמאַציע. „אינסעקטן מאַכן

אומוואַקלען זיך

דורך קערפּערלעכע א'ען דורך זייערע לעבנס„,

ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן. „ייִדישע טעאַטער־קונסט איז קודם־כּל פּסיכישע א, — אַרויסרײַסן זיך פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקייט„, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטעך.

אומוואַנדלען — ־דל אום, ~געוואַנדלט. אוטוו — אומוואַנדערן. „זי אים לאַנד וואַרן אום גיוואַנדילט“, בבֿא־בוך, 619. „אינקאָגניטאָ אומגעוואַנדלט האָט אַ קעניג שוין ניט איינער„, י. ראָלניק, ,אינקאָגניטאָ'.

טרוו — 1 פֿאַרוואַנדלען, טראַנספֿאָרמירן.

.

א, עמעצן אין אַ חיה. אויך מיט ז י ך אין נייטראַלן באַטײַט. „ס'איז נישט קיין קלייניקייט אומגעוואַנדלט צו ווערן פֿון אַ לאַנגן, שווערלײַביקן וואָרעם...אין אַ פֿלינקן שמעטערלינג“, ש. בלוס, דער בוים פֿון לעבן. „און איך וועל אויך ווי איר זיך א, אין שײַן„, חג, מענטש פֿון פֿײַער. 2. דטשמ פֿארבײַטן. „דאָס געריכט...

— .

האָט אים די שטראָף אין צען יאָרן שווערע אַרבעט אומגעוואַנדלט“, עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 1866. —עניש.

אומוואַנדלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער עס וואַנדלט אום (אוטוו).

אומוואַנדער — דער. מצ נבֿ. נעאָל. ← דוווו.
„בֿעת זײַן א, איבֿער רוסלאַנד אין די
מלחמהיאָרן“, אפֿא, טמז, 1962 ◌ו 13.
אומוואַנדערונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אומוואַנדערן. אַ וואונדערלעכע א, איבֿער דער
שיינער געגנט.
אומוואַנדערן — אוטוו. ־דער אום, ~
געוואַנדערט. אַ לענגערע צײַט וואַנדערן, גיין צו
פֿוס אָדער פֿאָרן פֿון איין אָרט צום אַנדערן.
„אים לאַנד זי הין הונ, הער אום וואַנדרן אונ,
וארן בֿון איינם הקדש צום אַנדרן„, כּבֿא־בּוך,
140. „שטיקער צעריסענע וואָלקנס...האָבּן אין
בּרייטקייט פֿון נאַכט אומגעוואַנדערט פֿאַרציילט
,
אין די ווײַטע בּערג“, ייִש, איבֿז ביאַליקס 'די
מגילה פֿון פֿײַער'. ־ניש — אַן א, איבֿער
מדבּריות.
אומוואַנדרעווען — אוטוו. ־רעווע אום, ~
געוואַנדרעוועט. 1. דזוו אומוואַנדערן, אָפּט פּעיאַ.
2. מיגרירן הין און צוריק (וועגן חיות, פֿייגל
אע). פֿרילינג און האַרבּסט וואַנדרעווען אום די
פֿייגל.
אומוואָנכען — טרוו. ־כע אום, ~געוואָנכעט.
פּד. אַרומשמעקן, אַרומניוכען (געוויינלעך וועגן

חיות).
אומוואַקלדיק — אדי. וואָס וואַקלט זיך ניט;
שטאַנדהאַפֿטיק. „אַן א'ן גלויבן אין נצחון פֿון
גערעכטיקייט“, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַך
אומגלייביקע. „זײַן לעבנספֿרייד האָט פֿון אליה
בחור'ן געמאַכט אַ געטרײַעם א'ן ליבהאָבער פֿון
ווענעציע„, יאי, 'אַ וואָרט צום לייענער, [
בבֿאבוך, 1949]. ־יקייט — אַ פֿעסטקייט, אַן א',
אַ געטרײַשאַפֿט צו פּרינציפּן.
אומוואַקלען — טרוו. ־קל אום, ~געוואַקלט.
צעוואַקלען, צעסרייסלען. אומשאָקלען. א,
עמעצנס גלויבן. א, דעם ▯ רעזשים.
אומוואַקלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך
וואַרפֿן, זיך וויגן, זיך סרייסלען. א, זיך פֿון

אומוואָקן

ווייטיק פֿון היץ. „נאָר וואָס באַדײַט דײַן א,

'

זיך, האַרץ מײַנס, גלײַך אַזוי ווי ס'איז דיר ענג
דאָרט?“, ממוס, קליאַטשע. 2. זײַן אין אַן
אומזיכערן צושטאַנד; קווענקלען זיך; האָבן
ספֿקות. „ווי לאַנג נאָך וועט איר אַרומשפּרינגען
איף צוויי שוועלן — דה זיך א', ניט קענען

זיך באַשליסן“. ־עניש.
אומוואָקן — אוטוו. וואָק אום, ~געוואָקט.
אמ. אומשפּאַצירן, אַרומגיין. א, ביז האַלבער
נאַכט.
אומוואַקסינירט — אַדי. פפּ: ~
וואַקצינירט. די א'ע זײַנען טאַקע קראַנק געוואָרן.
־קייט.
אומוואַקסן — אוטוו. וואַקס אום, בין & האָב
~געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. אַרומוואַקסן,
וואַקסן פֿון אַלע זײַטן. דער גאָרטן איז
אומגעוואַקסן מיט דערנער. 2. וואַקסן אין
פֿאַרשיידענע ערטער. „בײַ אונדז וואַקסן אום זונרויזן
אין אַלע גערטנער“. 3. וואַקסן אַ לענגערע
צײַט. „ער וואַקסט און וואַקסט אום, און וואַקסט
אַלעמען איבער“.
אומוואַקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך אום,
זיך ~געוואַקעוועט. אוקר. דזוו אומוואַקלען
זיך ←.
אומוואָד — אַדי. 1. אומאמתדיק. א'ער עדות.
א'ע רייד. 2. וואָס איז ניט ווי אין דער וואָר.
“אבֿ שיידן דשׂ ווארי פֿון דשׂ און ווארי דורך דשׂ
פֿר שטאַנד“, שאַר, סב/ב.
אומוואָר — די, ־ן. היפּוך פֿון וואָר; אומאמת.
פֿרויען...זענען נײַגעריק צו וויסן...וואָס עס

„איז וואָר...און א'‟, ד. לאַזערזאָהן, די קלאָנ־
מוטער, וואַרשע 1889. „אין אָנהייב נאָוועמבער
האָט יעדער פּארב, קאָליר צעעפּנט פאַר מיר
איר וואָר מיט איר א'‟, לע, א ייִד אויפן יס.
או'מוואָ'רהאַפּטיק — אַדי. ניט־באמתדיק,
וואָס האָט ניט אין זיך די פּעסטקייט, די
האַפּטיקייט פֿון אמת. א'ע רייד. ־יקייט — „ניט
קיין בפירושע ליגנס, אָבער א'ן זײַנען עס דאָך!‟
אומוואָרהייט — די, ־ן. פר [...וואורעט].
אומאמת. זיך פלאָנטשען אין א'.
אומוואַרטעוועז — טרוו. ־טעווע אום, ~
געוואַרטעוועט. באַדינען, כאָוען, אָפּהיטן עמעצן
(אַ קראַנקן, אַ קינד) אַ לענגערע צײַט. א, דעם
אַלטן טאַטן.
אומוואָרטשען — ־טשע אום, ~געוואָרטשעט.
אוטוו — וואָרטשען אַ לענגערע צײַט. אַרומגיין
אַן אומצופרידענער און א'. טרוו — עפּעס
אַרויסברענגען דורך כסדרדיקן וואָרטשען. א,
דעם זעלבן ענטפער אונטער דער נאָז. ־עניש.
אומוואַרפֿז — דער, ־ן. אַקט פֿון אומוואַרפֿן. אַ
פלוצעמדיקער א, פֿון אַ רעזשים. „געבראַכט
צום א, פֿון דער צווייטער אימפעריע‟, לע, טמז,
22 19 IX.

אומוואָר — דער, ־ן. דרייזין. 1. (שטיין־,
ערד־)אָפּריס; דאָס אומגעוואָרפֿענע. 2. דזוו
אומוואַרף.

-

אומוואַרסונג — די, ־ען. מאַרק ווב. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אומוואַרפֿן. א, פֿון
רעזשים.

-

אומוואַרסן — טרוו. וואַרף אום, ~געוואָרפֿן.
1. מאַכן עס זאָל פֿאַלן, איינפֿאַלן; איבערדרייען.
„האָט אומגעוואָרפֿן אַ בענקל מיט קווערטלעך
און קופּערוואַרג“, ממוס, ווינטשפֿ. „ווען איין
הון אודר איין (כלי) אום ווערפֿט זאָל מן עז

שעכטין,,, איבֿז פֿון ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, פֿפֿאָ תקנ״ט. ,,אַ גרויסער מעכטיקער בער...האָט אומגעוואָרפֿן...אַ פֿיריאָריקעס מיידל״, לאיזע, דעם קעניגס געשעפֿטספֿערזאָרגער, בוקאַרעשט [יאָר]. *א, מיט אַ בלאָז = זייער גרינג (ווײַל מען איז שטאַרק אָדער דער אַנדערער איז זייער שוואַך). *מע קען מיך א, מיט אַ בלאָז = איך בין זייער שוואַך, האַלט זיך קוים אויף די פֿיס.
אַ האָר קען עס א, = עס האַלט זיך קוים

קוים.
2. צעוואַרפֿן, צעלייגן, צענעמען. א, אַ הויז. ,,זויא מן די אײַזרניווידר גימאַכט הט דא מיט מן פֿר צײַטן די מויארין אום גוואַרפֿין הט״, יוסיפֿון פֿיורדא 1764.

3. וואַרפֿן, טרייסלען, שאָקלען אַהין און אַהער. די כוואַליעס וואַרפֿן אום דאָס שיפֿל. קללה: עס זאָל דיך (דיר) א, (ווי) אין (אַ) קדחת.
4. בטל מאַכן; צעשטערן; צו נישט מאַכן. א אַ באַשלוס, רעזאָלוציע. א, די אומפּאָפּולערע רעגירונג. ,,אַזוי האָב איך אַליין אויפֿגעבויט

און אומגעוואָרפֿן אַ געדאַנק נאָך אַ געדאַנק“,

ווײַס I ו, 'ווי דער גורל פֿירט'. „ער וואַרפֿט

מײַן מלוכה־שטול אום מיט צאָרן“, גדולת דוד

ומלכות שאול, וואַרשע 1852.

5 פֿאַרוואַנדלען, טראַנספֿאָרמירן. מיט כּישוף

.

א, עמעצן אין אַ חיה.

אומוואַרפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. וואַרפֿן

זיך אַהין און אַהער. ניט קענען אײַנשלאָפֿן און

א, זיו אין בעט. „דורך אַ ווײַטער שויבֿ אַ

פֿלעמל האָט געפֿלאַטערט און אומגעוואָרפֿן זיך

אין גסיסה־פֿיבער“, י. ראָלניק, 'גלײַך ווי די

פֿייגל'. *דאָס האַרץ וואַרפֿט זיך אום = קלאַפּט

שטאַרקער ווי געוויינלעך אַז עס באַקומט זיך אַ

געפֿיל פֿון צאַפּלעניש. „מײַן האַרץ האָט זיך אין

מיר אומגעוואָרפֿן זייער“, איבֿז פֿון ראָם, דער

איינגילשער גענעראַל, וואַרשע תּרמ“ד.

2. זיך שטאַרק וואַקלען, ניט קענען זיך

באַשליסן. א, זיך צווישן יאָ און ניין. א, זיך

צווישן שיטות. 3. בײַטן שטעלן, זיך

איבערווארפֿן (פֿון איין פֿאַך צום אַנדערן פֿון איין

—

,

פּראָפֿעסיע אָדער בראַנזשע צו אַ צווייטער). א,

זיך פֿון וואַלד צו תּבֿואה.

4. רעפֿל. זיך אַליין פֿאַרוואַנדלען, זיך טראַנספֿאָרמירן אין אַן אַנדער באַשעפֿעניש אָדער אין אַ זאַך. „דער מכשף וואַרפֿט זיך אום אין אַ שלאַנג“. 5. קזוו. וואַרפֿן איינער דעם אַנדערן. א, זיך מיט אַ פּילקע. “בערזעלעך...מיט וועלכע מע וואַרפֿט זיך אום תּשעה־באָבֿ„, מוו, שטאַפּלען.

־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אומוואָרצלדיק — אדי. וואָס איז אָן וואָרצל(ען), אָן אַ גרונט. ניט־פֿאַרפֿעסטיקט; ניטמאָטיווירט. א'ע פּירונגען. א'ע סתּם־מיינונגען. —יקייט.

אומוואָרקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל, סטוטש.

אומאמתדיקייט. דזוו אומוואָרהייט ←.

אומווידעררופֿלע ..

אומוואָרקען — אוטוו. ־קע אום, ~ געוואָרקעט. 1. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען ענלעכע צו וואָר־וואָר (וועגן אָדער ווי טויבן). 2 פּיג. כּסדר אַרויסברענגען ווערטער פֿון ליבֿ.

שאַפֿט און צערטלעכקייט. „זיי זיצן אין אַ ווינקעלע און וואָרקען אום“, רייד. ־עכץ.

־עניש. ־ערײַ.

אומוואַרשײַנלעך, ~וואָרשײַנלעך —
אַדי. דטשמ. [די צווייטע פֿאָרעם אַ פּרוּוו צו
פֿאַרייִדישן.] וואָס איז משמעות ניט וואָר. וואָס זעט
ניט אויס אַז דאָס איז וואָר. "אויב מע זאָל
אָננעמען אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין ווילנע
האָט זיך פֿון 1923 ביז 1928 נישט
פֿאַרגרעסערט (וואָס איז אַ', גיכער פֿאַרקערט)", 'טאָז',
שריפֿטן, וואַרשע 1929 ־קייט. „אַ'ן...ווערן
.
ניט דערלאָזן", מעריסאָן איבז, ספּענסער,
ערשטע פּרינציפּן.

אומוואַשן — טרוו. וואַש אום, ~געוואַשן.
אויך מיט ז י ך. 1. אַרומוואַשן. אַ, ס'פּנים.
2. וואַשן (זיך) אַ לענגערע צײַט. אַ, די
פֿאַרשמירטע הענט. 3. איבערוואַשן. אַ, גרעט.

אומוו▯אַלען, ~וויאַנען — אוטוו. [ל און נ
קענען אויך זײַן וו‌ייך] ־לע, ־נע אום; ~
געוו אַלעט, ~געוו אַנעט. וו אַנען, וועלקן במשך
י י
פֿון אַ לענגערער צײַט. אַ, ווי אַראָפּגעפֿאַלענע
בלעטער. „חתונה געהאַט מיטן אַלטן און
אומגעוויאַנעט מיט אים", רייד. ־עניש.

אומוויאָנדזלען — טרוו. ־דזל אום, ~

געוויאָנדזלט. 1. אַ לענגערע צײַט רייכערן (
געוויינלעך וועגן פֿיש, אויך וועגן פֿלייש). צו
שטאַרק א', אַז עס בלײַבט אַ ביטערקייט פֿון
רויך. 2. פֿונדאָסנײַ וויאָנדזלען, וועגדזלען.
,,ס'איז האַלב־רוי, מע באַדאַרף עס א',, ־עניש.
.
אומוויברירן — אוטוו. ־ריר אום, ~(גע)
וויברירט. זיך באַוועגן אַהין און צוריק מיט אַ
קליינער ציטערדיקער באַוועגונג (אַ לענגערע
צײַט). ,,דער ווײַזער פֿון אַפּאַדאַט איז נאָך ניט
אין שטילשטאַנד, ער וויברירט נאָך אום‟.
־דנג.
אומוויגן — טרוו. וויג אום, ~געוויגט. אויך
מיט ז י ך. וויגן אַ לענגערע צײַט. א, אַ קינד.
א, זיך אויף אַ הוידלקע. ,,[זיי זײַנען געזעסן
און] געשלאָפֿן...ווער מיט אַהין און אַהער
אומוויגנדיקן קאָפּ‟, אַר, 'דער שלום'. ,,פֿון ווײַטן
האָט זיך אומגעוויגט ווי אַ חלום אַ זעגל־שיף‟,
מר I ׳י, נ‟י 1910. ־עכץ. ־עניש.
או'מווידעראַנאַ'נדיק — אדי. וואָס איז ניט
(האָט ניט אין זיך) קיין סתּירה. ניט־להיפּוכדיק.
צוויי א'ע טעאָריעס. ־יקייט.
אומווידערלייגלעך — אַדי. דטש מ. וואָס מע
קען ניט אָפּפֿרעגן. ‟אַרבעטן פֿון מעטאַלן,

וועלכע צײַגן אָן א', דאָס די עגיפּטער,...זענען
געוועזן גרויסע כעמיקער", ר, יצחק וועבער,
מכונה ,מגיד', מפּתּח למפּתּח של פּרנסה
וכלכלה, קאָלאָמיי 1938.
אומווידעררופֿלעך — אַדי. דטש מ.
שפּאַנישאידישער ווב, בּ"א 1931. וואָס מע קען ניט
צוריקרופֿן. א'ער דעקרעט. ,,דער וואַרער אמת
[איז] א',,, עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד
היראה, קאַשוי 1866.

או'מווי'דערשטײלעך
או'מווי'דערשטײלעך — אַדי. וואָס מע
קען זיך ניט אַקעגנשטעלן קעגן דעם;
אומבּאַצווינגלעך; אומבּאַזיגלעך. ,,דער העכסטער,
גרעסטער, און א'סטער העלד", י. בּאָוושאָווער,
בּילדער און געדאַנקען. ,,א'ע מאַכט פֿון לוסט
און לײַדנשאַפֿט,,, צינ 279 ,II. "אויף אַ כמעט
א'ן אופֿן,,, ש. מאַרגאָשעס, טאָג, 26 1960 III.
־קייט — ,,בּאַווײַזן פֿון אונדזער שיינקייט...
א'", ל. קאָבּדין איבּז, מאָפּאַסאַן II, נ"י 1914.
אומווידערשטענדלעך — אַדי. ← דפֿוו.
,,דער א'ער אָנגריף און דער טראָציקסטער
ווידערשטאַנד", מר I, נ"י 1910.
אומווידערשפּעניק — אַדי. פֿאָלגן אַלץ,

זײַן א'. ־יקייט.

אומווידערשפּרעכIיק, ־לעך — אַדי. דטשמ.
נר. וואָס איז אָן סתּירה. אומאָפּוועדלעך,
אומבּאַשטרײַטלעך. „איז בּײַ אים אין האַרצן שוין
געווען אומווידערשפּרעכלעך בּאַשלאָסן„, ש.
וויגאָדאַ, פֿאָר, 22 IX 1963. ־(י)קייט.

או'מוויזוע'ל — אַדי. ניט־אָנזעאיק. א'ע
אופֿנים פֿון לערנען. ־קייט.

אומוויז אָנעריש — אַדי. וואָס איז אָן
וויי
זיע. קליינמוטיקע, א'ע מיטלען. ־קייט.

אומוויטע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־טע(ווע) זיך
אום, זיך ~געוויטע(ווע)ט. אוקר. 1.
אומשאָק2. קזוו. בּאַגריסן זיך און צושאָקלען דערבּײַ
לען זיך, אומוויגן זיך. א, ז ד אין ווינט.

עטלעכע מאָל מיטן קאָפּ. „די אַלטע לײַט וויטען
זיך אום און צערעדן זיך„..

אומווײַבּער()ש — אַדי. אומפֿרויאיש; וואָס
י
איז ניט לויטן (איו) כאַראַקטער פֿון ווײַבּער;
וואָס פּאַסט ניט פֿאַר אַ פֿרוי. אַ שווערער, א'ער
טראָט. ־קייט.

אומווײַט — אַדי. ראָש מלון־מפֿתּח (זשיטאָמיר,

1872) פֿאַרטײַטשט 'קרובֿ אלי, (בּראשית, מה, 10): "אומווײַט". „איינמאָל איז איינער געקומען צום רבּין פֿון א"", ר, יוסף מרדכי גינצלער, חזון ישעיה, טארנא (סלאָוואַקײ) 1929.

או'מווײַ'טזיכטיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן ׳

אַן אויסבּליק אויף אַ ווײַטערער צײַט. „אויבֿ דער בּאַשלוס איז ניט געווען קיין קורצזיכטיקער, ווי איר מיינט, איז ער אָבֿער זיכער געווען אַן א'ער„, רייד. 2. וואָס זעט ניט אויף אַ ווײַטן מהלך. טאַקע א', אָבֿער דאַרף ניט קיין בּרילן„. ־יקייט.

אומווייטיקלעך — אַדי. מאַרק וובֿ. וואָס איז אָן ווייטיק. וואָס טוט ניט וויי. אַרויסרײַסן אַ צאָן א'.

אומוויילבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק וובֿ. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט (אויס)וויילן, (אויס)קלײַבן. פֿרויען זײַנען געווען א'. א'ער קאַנדידאַט.

אומווייליק — אַדי. דזוו לאַנגווײַליק. „ער --

לעבֿט זיך גאַנץ רואיק, לעזט בּיכער, שרײַבֿט פֿערזן, שפּילט אויף אַ גיטאַרע. דאָס איז אים אָבֿער אויך בּאַלד א, געוואָרן„, אַבֿיגדור בּרכיה

רוף איבּז, רינאַלדאָ רינאַלדיני, וואַרשע 1865.
אומווײַלן — אוטוו. ווײַל אום, ~געווײַלט.
אַ לענגערע צײַט בּלײַבּן (לעבּן) אויף איין אָרט. ,,ווי לאַנג נאָך וועלן מיר אַ, צווישן אַזעלכע מענטשן?,,

580

אומוויילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך

פֿאַרבּרענגען, זיך פֿאַרווײַלן. ניט וויסן ווי זיך אומצוּווײַלן.
אומווייניקסטן — אַדוו. פֿטמ. נר. אַנשטאָט אַמווייניקסטן ←. לכּל־הפּחות. ,,...אום וויי.. ניקסטנס שרײַבּט ער איר אַזוי", דער בּעקאַנטער דאָקטאָר, וואַרשע 1882. ,,אַ, וואָלט איר זיך כאָטשע געשעמט און געשוויגן"; ,,אַלזאָ בּעט איך דיך אַ', אַז דו זאָלסט מיך נישט שטראָפֿן", דוד זאַהיק, די ראָזע צווישן דערנער, פּיעטריקאָוו 1884.
אומווײַנען — אוטוו. וויין אום, ~געווײַנט.
ווײַנען אַ לענגערע צײַט. אומקלאָגן און אַ'.
אומווײַסן — טרוו. ווײַס אום, ~געווײַסט.
איבּערווײַסן. אַ, די ווענט.

אומווייסער — דער, ־ס. וונ נבֿ. ווער עס
ווייסט ניט. „ער איז דאָ דורכויס אַ פֿרעמדער
און אַן א'“, בֿצג, טמז, 23 IX l954.
אומווייען — אוטוו. ווײ(ע) אום, ~געוויי(ע)ט.
1. ווייען אַ לענגערע צײַט. „ווינטן ווייען אום
אין האַרבֿסטיקן פֿעלד“. 2. אַרומבֿלאָנדזשען
ווי דער ווינט. ”האָבֿ איך, ניט־געבֿאָרענערהייט,
אַ נאַקעטע זעל, אומגעווייט פֿון יענער זײַט
טיר“, אַל II, 'אַליין'. ־עניש.
אומוויכטיק — אַדי. היפּוך פֿון וויכטיק. ”זאָ
הבֿי איך זעלבֿיגש אלשׂ פֿור און וויכטיג
גיאורטיילט“, מאַרשן, חנוך לנער, אַמש ט תּצ“ד. „איז
וויכטיק אָדער א, — דער סובֿיעקטיווער
עלעמענט„, ימ, קוד, 1939. ־יקייט —
פֿאַרנעמען זיך מיט א'ן פֿאַר עטלעכע גרײַצער
בֿענד. „
לעך אָדער עפּעס שמאַטעס און א',„ מר I ,
נ„י 1910 פֿארבֿײַגייענדיקע עפּיזאָדישע א'ן“,
— .
לע, טמז, 6 1964 III.
אומוויל — דער, ־ן. נעאָל. דזוו אומווילן.
פֿאַרשטעלטן א, פֿון דער זי“, י. העשעלעס,
„...

צוק, 1964, II ‏‏‏‏–III.

אומווילדעווען — אוטוו. ־דעווע אום, ~ געווילדעוועט. אַ לענגערע צײַט זיך אויפֿפֿירן ווילד, אַכזריותדיק. אַ מגיפֿה ווילדעוועט אום. „געסטאַפּאָ־לײַט ווילדעווען אום אין געטאָ“.

אומוויליק — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ קלאָרן אַקט פֿון ווילן; ניט־בכּיוון. א, עפּעס טאָן. א, זיך צוהערן. „[אַ] זיפֿצן האָט זיך א, פֿון איר ברוסט אַרויסגעריסן“, שח״ר, דער שרעקליכער חלוס, לעמבערג 1898. “דאָס געפֿיל איז ניט געפֿעלשט...ניט א, פֿאַרפֿלאַכט,,, ימ, נײַס, 1923. א'ע (וועגעטאַבילע) מוסקלען.

2. וואָס איז קעגן דעם אייגענעם רצון פֿון דעם טוער. אַרבעטן א', געצוואונגענערהייט. „כ'בין געגאַנגען א', ווײַל אינדערהיים האָט מען מיך דערוואַרט און מע האָט געקאָנט זיך שרעקן,,, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור, נ,,י 1958.

3. ארכ. וואָס איז ניט בכּוח. „מײַן לײַב איז מיר אונ, וויליג פֿון וועגן מײַנש עלטרשׂ“, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

־יקייט — “[די] א, זיך אונטערצוּוואַרפֿן רדיפֿות,,, ייִבל XXIII. „געטעס א, זיך הינצוגעבן צום ענטוזיאַזמוס איז גראָד אַזוי אָפּשטויסנד

ווי קינדיש,,, י. באָןשאָוועד, גש, נ,,י 1911.

אומווימפלען זיך

אום ווילן, אומווילן — פרעפּ & קאָנ. אַרכ.

1. פֿון וועגן; צוליב דעם, כּדי. מ t פֿאַרטײַטשט 'בעבֿור, — "אום ווילן" (למשל, ח/א). ,,למען תּזכּור [את יום צאתך]. דו איז אויף טויטש: אום ווילן דו זולשֹט גידענקן דין טג", מדרש ויושע, [ייִבל II I]. ,,אום ווילן...דער תּורה", 'טײַטש פֿון אַקדמות, פֿירט 1694 [פֿש III].

,

,,'אוים ווילן זיינר ליפרטין'" [= פֿון זײַנע לעמפּערטן וועגן], מרכּבֿת המשנה, קראָקע 1534 [ייִבל XIII]. "אום ווילן דײַן הייליגן נאמן און, אום ווילן דײַן הייליגי שכינה,, אַריה ליב בר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. ,,טוא דער לײַכטן דײַן שכינה אויף דײַן מײַד און, העלף מיר אום ווילן דײַן גינאד", תּחנות ובֿקש ות, דירנפֿורט 1798 [איבערדרוק, ווילנע 1858]. ,,א, די לויטערע מעשׂים פֿון די אָבֿות וועט ער לײַטערן די ייִדן", מחזור לראש־השנה, סלאַוויטע 1832, י/א. "דאָס איז גאָטס וועג און דאָס באַגערט ער פֿון זײַנע באַשעפֿעניש, אום

ווילן זיי זאָלן ראוי זײַן צו גוטס,,, ר, גדליה טייקעס, אמונת ימtראל, [לבֿוּבֿ?] 1849.

2. איבער דעם; וואָרעם, ווײַל. באר התּורה פֿאַרטײַטשט 'בשגם, (בראשית, ו, 3) — א, [תּי: "וואָרום"] פֿילײַכט ועסטו אויך פֿאַרגיין א, די

. ,,

עבֿירות פֿון דער שטאָט,,, צור, וירא. ,,עס איז זייער איבלגעפֿעלן די זאַך אין די אויגן פֿון אַבֿרהם א, זײַן זון", מחזור, ראָש־השנה פֿפֿדמ

,

.1885

אומווילן — דער, ־ס. דאָס אויספֿעלן פֿון ווילן; ווידערווילן. אַנטיפּאַטיע. טאָן עפּעס אין א,.

"מיט זיא זיך קיין אום ווילין איבר דען האַלז ציהין,,, 'שילדבורגר זעלצאַמי אונ, קורצווייליגי גישיכטי', [אַווע III]. ,,האָכּן אַלע אויסגעדריקט זייער א, און אומצופֿרידנהייט קעגן דעם פֿאָרפֿאַל", ייִפֿאָל, 25 1882 II. ,,אָט די שרײַבער פֿאַרהאַלטן זיך שטענדיק צו זייער העלד מיט עפּעס אַן א',,, שנ, וועגן יודישע ש רײַבער II.

,,דער א, אָדער די אַנטיפּאַטיע צו געוויסע זאַכן האָט אַ באַטײַט פֿאַרן קיום פֿון דעם קיבוץ,,, ש. קעניג, ייִבל 2 ,XXI. ,,פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַן

א, צו זיך אַליין,,, הל, טאָג, 28 1942 .II
אומווילנדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ ווילן, אָן
אַ באַגער. וואָס איז ניט־בכּיוון. א'ע
מיטבאַטייליקטע אין אַ פֿאַרברעכן. ,,דאָס זעלבע האָט
געהאָלפֿן אויך צו דעם א'ן לאָזן אורין אונטער
זיו,,, פּ. קריטשעווסקי, יודען אונד יודענטהום,
באַרדיטשעוו 1894 ־ערהייט — אַדוו. ,,טאָן
.
עפּעס א,,,, פֿאָר, 14 1957 .XII
אומווילקירלעך — אַדי. דטש מ. (נר).
אומבכּיוונדיק, אומווילנדיק. וואָס איז אָן בייזן ווילן.
,,אויפֿ'ס הערץ אַ שטיין אַ שווערן, און דאָס
אייגעלע איבערגייט, א, טרערן...,,, בירך
שאַפּיר, מעלאָדיען, קראָקע 1886. ,,א, כאַפּט זיך
יאָזעפּוס אָן מיט אַ האַנט פֿאַרן קאָפּ,,, ייִט,
קוואַלן אוןביימער.
אומוימפּלען, ־פּעלן זיך — אוטוו. ־פּ(ע)ל
זיך אום, זיך ~געווימפּ(ע)לט. אַרכ. זיך ווייען;
זיך אַרומדרייען (אין ווינט). זיך אַרומוויקלען.
,,און זאָל זיך א, און וויקלען אין דער
וואָרהאַפֿטיקייט און גלויבונג אויף אַלערליי
געשטאַלטן“, ר, משה בר, אליהו, מלאכי קודש,
וואַרשע 1839.

אומווינדונג — די, ־ען. ארכ. 1. אײַנהילונג.
באר מש ה פֿאַרטײַטשט 'ותכריך, (אסתּר, ח, 15):
„אוםווינדונג“. [תּי: „מאַנטל“]. 2.
פֿאַרדרייאונג, צעטומלעניש. סהמ פֿאַרטײַטשט ,כּוס
התּרעלה, (ישעיה, נא, 17): „דען בּעכר פֿון
אום ווינדונג“ [תּי: „פֿאַרטומלעניש„].
אומווינדיק — אַדי. אַרכ. וואָס פֿאַרדרייט,
צעטומלט. ← אומווינדן. פֿרגל: אומווינדונג.
סהמ פֿאַרטײַטשט 'כּוס התּרעלה, (ישעיה, נא,
22): „דען...אום ווינדיגן בּעכר“. „ווי ווינציק
איר האָט געלערנט פֿון אײַער מפּלה; און ווי א,
איר זענט געבּליבּן נאָך די אַלע געשעענישן“,
ש. אוזבּאַן, טמז, 9 4)19 X.
אומווינדלען — טרוו. ־דל אום, ~געווינדלט.
1. איבּערוויקלען; ווינדלען אויפֿסנײַ. אויסוואַשן
די ווינדעלעך און א, דאָס קינד. 2. פֿאַרוויקלען
אין אַ ווינדל; אַרומוויקלען, אײַנהילן.
אומווינדן — טרוו. ווינד אום, ~געוואונדן.
אויך מיט ז י ך. אַרכ. אַרומוויקלען,
אײַנוויקלען, צונויפֿוויקלען. סהמ פֿאַרטײַטשט 'וילט
פּניו בּאדרתּו, (מלכים א, יט, 13): “און, ער אום
ווינדט זײַן פּנים מיט זײַניר רויכי קאַץ“ [תּי:

,,האָט ער אײַנגעוויקלט זײַן פּנים אין זײַן מאַנטל"]. מ פֿאַרטײַטשט 'תּכס בּצעיף ותּתעלף, (בּראשית, לח, 14): ,,און, זיא וואַר זיך אום ווינדן" [תּי: ,,און זיך אײַנגעוויקלט]. בּאר משה פֿאַרטײַטשט ,ועטה את ארץ מצרים, (ירמיה, מג, 12): "אום ווינדן" [תּי: ,,צונויפֿוויקלען"]. ,,(תּפֿלה לעני כּי יעטף) דאז מיינט ער די תּפֿילה פֿון איינם (עני) דער ווינדט זיך אום מיט אַן מעכטיקייט,,, לט1, כה/ב. "תּפֿילה לעני כּי יעטוף. דער ארמיר ווינט זיך אום און, טוט זײַן גיבּעט", ר, זאבֿ וואָלף בּר, יוסף, דרישת הזאבֿ, בּערלין 1740. ,,מיט עשירות בּענשן, ווען גלײַך דז זאָל בּידעקט און אום געואונדן ווערן מיט זײַדן", עיון, לו/ב. ,,ער האָט ומגעוואונדן אויף זײַנעם הוט", מחזור, ראָש־השנה, פֿפֿדמ, 1885.

אומווינטשנסווערט — אַדי. וואָס מע דאַרף ניט (עס לוינט ניט) זיך ווינטשן. פֿאַלשע, א'ע געווינסן. ,,מאַכן אַזאַ מין צוזאַמענגוס אומפּראַקטיש און א'", טאָג, 1962 19. ,,אַן אומבּאַשטימטער צושטאַנד איז, בּמילא, א'", נ. זאַלאָוויץ, פֿאָר, 1963 II י 27.

אומווינטשעווען — טרוו. ־טשעווע אום,

~געווינטשעוועט. אָנווינטשן אַ סך (מאָל). א,
מזל און כּל־טובֿ די קינדער און קינדס־קינדער.
אומווינקען — אוטוו. ווינק אום, ~געוואונקען
(~געווינקט). אַרומווינקען; ווינקען צו אַ צאָל.
א, צו יעדער איינעם. ־עניש.
אומוויסיק — אַדי. נעאָל, מוו. 1. וואָס איז אָן
בּפירושן וויסן מצד דעם אינטעלעקט; אָן
אָנטייל פֿון בּאַוואוסטזײַן. אומבּאַוואוסטזיניק.
,,נאָר ס'וועט בּאַלד זײַן די צײַט אָנצורופֿן מיט
אַן אַנדער נאָמען דעם א'ן כאַראַקטער פֿון די
פֿאַרבּאַהאַלטענע חלום־געדאַנקען", מוו איבּז,
פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז. ,,אין אַ
מענטשנס נשמה זײַנען פֿאַראַן א'ע טיילן", מוו,
פֿגעז, ווילנע 2 .5 1936, No. דזוו אומוויסנדיק.
,,דאָס דור איז א, פֿאַרגרעבּט, אָן אַן אידעאַל,

,

אָן קולטור", י. מייטליס, היימיש, 1961, אויג'־

סעפּט'. ־ערהייט — אַדוו. ,,אָבּער פֿאָרט טאָר
מען ניט פֿאַרגעסן, אַז אין משך פֿון דורות איז
דײַטש, וויסיקערהייט צי א', געווען אַ מין
מעסטער פֿאַר יִדיש", מוו, ייִבּל ▯ יXXX.

אומוויסיקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומוויסיק.
שיכטן פֿון א'. פֿאַרשיידענע א'ן. ←
אונטערבאַוואוסטזײַן. „די טעאָריע פֿון חלומות וואָס
פֿרויד האָט אַנטוויקלט פֿלעכט זיך אַרײַן אין
זײַן גאַנצן באַנעם פֿון וויסיקייט און א'“, מוו,
פֿגעז, ווילנע 2 .11 1936, No פֿאַרזען, טעות.
.
מלל פֿאַרטײַטשט 'על שגגתו אַשר שגג, (ויקרא,
ה, 18): “און ווישׂיגהייט„ [תּי: „פֿאַרזע□].
או'מווי'סיקלעך — אַדי. שפּאַניש־אידישער
וובֿ, בּ“א 1931. אומבּכיוונדיק, בּלא־יודעים.
טאָן א'. א'ע מעשׂים.
אומויסן — דער & דאָס, ־ס. 1. ניט־וויסן.
“יצחק טראָגט זיך אַרום מיט אַ קינדיש־
געבּענטשטן א'“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש.
2. עם־הארצות, אַנאַלפֿאַבעטיזם. “אַזאַ וויסט א,
באַגעגנט מען זעלטן“.
אומוויסנד — אַדי. דטשמ. נר. ← אומוויסנדיק.
„איר אונווישׂינדי מענשן אונט אונווישׂינדי בּעלי
חיים“, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּ□],
אגרת בּעלי חיים, הענא 1718. „און, זאָל זיא
לערנן ווישׂן שאַפֿט און, פֿר שטענדיקייט דשׂ
דא דורך זײַן קלוג גווארן דיא אום ווישׂנדי אין

דײַן לנד", יוסיפֿון, אַמשט 1743. „אויבֿ דו
װעסט זיך האַלטן פֿאַר קלײן און א'", ר, יעקבֿ
מדובנא, משלי חכמה, װילנע תּר„ן. „קײן
שטעקן קאָן קײן פּראָפֿעסאָר זײַן, אַן א'ער קען
קײן פֿעלדמאַרשאַל זײַן", דער רײַזנדער,
װאַרשע 1883.
אומװיסנדיק — אַדי. 1. אומגעלערנט,
אומגעבֿילדעט; אומבֿאַהאַװונט. א'ע דאָרפֿסלײַט. א,
װי אַ בהמה. "מערקט אויף, איר אונװיסינדיגי,
צו דיזר װיץ", אליהו בר, ליזר קוטנים איבֿז,
תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692. „זוא איין
נאַר אונ, אום װישׂנדיגר גלײַך דוא בישׂט..."
יוסיפֿון, אַמשט 1743. 2. ניט־װיסנדיק. „א,
האָבן זיי געשפּירט אַז זיי זענען דאָ...בײַ גאָטס
משפּט", איבֿז פֿון הנ"ץ, שולמית, לובלין 1894.
אומװיסנדיקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער מדרגה פֿון זײַן אומװיסנדיק.
אַן א', אַן עם־הארצישקייט, אַ פּוסטקעפּיקייט.
"נאָך מער איז שולדיק אין דעם אונדזער א,
און אָפּגעלאָזנקייט", פֿגעז, װילנע 6 1924, No.
אומװיסנהייט — די, ־ן. דטשמ. 1.
אומװיסנקייט. "אונ, אַלעש דשׂ בויז...האָט ער גיטאַן
אויש אונװאוסנהייט", יוסיפֿון, אַמשט 1661.
„אייניקע הייבאַמען דורך זייערע א, און

אומגעניטקייט געבּן איין רויע מערן אָדער ריבּנזאַפּט [דעם ניי־געבּוירענעם]“, מלכּה בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. “האַלט די יִדישע מאַסן אין דעם חושך פֿון א'“, בּעם III. “איז...בּאַרעכטיקט געוואָרן...דורך דער א, פֿון דעם בּרייטן עולם“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. 2. דאָס ניט־וויסן (אַ געזעץ, אַ תּקנה אע). “מיט דער אונווישׂנהייט ניהמאנד זיך עקסקוזירן קאַן,,, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס,, תּקכ“ז [ייִבּל I].

אומווירדיק

אומוויסנקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון אומוויסן. האַלטן אין א'. ,,אין דעם איז נאָר שולדיק זייער א, און פֿינצטערניש“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,ציִען נוצן פֿון א'... פֿון דלות,,, מר III, נ“י 1908. ,,ער האָט געפֿונען פֿאַרגרעבּטקייט, גייציקייט און א',,, סאַנדלער, טמז, 1 2 19 I.

אומוויסנשאַסט — די, ־ן. כּלומרשטע,

פֿאַלשע וויסנשאַפֿט. „און דער עם־האַרץ־חסיד
פֿאַרגיפֿטעט טויזנטער מענטשן, מיט זײַן
פֿאַנאַטיזמוס, מיט זײַן א'״, דער רײַזנדער, וואַרשע
1883. „אויסגעלערנטע פּראַזן פֿון...נײַמאָדישע
וויסנשאַפֿטן און א'ן„, ייִפֿאָל, 22 1885, No.

אומוויסנשאַפֿטלעך — אַדי. וואָס איז ניט
לויט דער סיסטעם, דעם דרך, די פּרינציפּן פֿון
וויסנשאַפֿט. „די הונדערטער טויזנטער יאָרן פֿון
א'ן דענקען״, ימ, איק, פּסח תּשי״א. ־קייט —
״גענוג אָפֿט באַגעגנט מען אַזאַ א, בײַ מענטשן
פֿון וועלכע מיר ריכטן זיך אַ סך מער
קריטישקייט״, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.

אשוויסעוודיק — אַדי. דזוו אומוויסיק.
־יקייט.

אומוו‌עןֹ — טרוו. וויִע אום, ~געוויִעט. סל.
אוקר, וורר. אַרומוויקלען, אַרומדרייען. א, אַ
שאַליק אַרום האַלדז. *א, עמעצן אַרום דעם
(קלענסטן) פֿינגער = א) אים אינגאַנצן
באַהערשן, קענען טאָן מיט אים וואָס מע וויל;
ב) זײַן העכער, געלערנטער פֿון אים.

אומוו‌עןֹ זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אַרומוויקלען זיך, אַרומדרייען זיך. זיך א, ווי אַ
שלאַנג. א, זיך אַרום אַ מיידל. 2. אומבלאָנקען,
אומוואַנדערן, אומוואַנדרעווען. 3. אומוואָיעווען

← ־עניש — וויי צו אַזאַ א'.

.

אומוויצלען זיך — אוטוו. ־צל זיך אום, זיך ~געוויצלט. וויצלען זיך אַ לענגערע צײַט. האָבן אַ טבֿע זיך אומצוּוויצלען.

אומוויקלען — טרוו. ־קל אום, ~געוויקלט. אויך מיט ז י ך. 1. אַרומוויקלען; אומהילן ←. א, עפּעס. א, דעם האַלדז מיט אַ פֿאַטשיילקע. ,,ווײַל עז ניט רעגינט אויף דיא ערדן, דיא אַקיר לײַט גין טרויערג אונ, אום וויקלן אירי הייבּטיר", מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, יד, 4. ,,דר מלך ער האָט אום גיוויקילט זײַן פּנים אַז וויא דיא אַבֿלים", סהמ, שמואל בּ, יט, 5 [תּי: ,,אײַנגעוויקלט"]. ,,אונ, איך ווער מיך בּיוויײַזן אויף די פֿעלזן...אונ, איך ווער מיך אום וויקלין אַז איין (חזן) מיט איין (טלית)", צאינה, כּי תּשׂא. 2. איבּערוויקלען, וויקלען אויפֿסנײַ. א, דאָס קינד ־ונג ־עניש.

. .

אומווירבּלען — אוטוו. ־בּל אום, ~ געווירבּלט. אַ לענגערע צײַט זיך גיך בּאַוועגן אַהין און צוריק, זיך אַרומדרייען אַהין און אַהער אַ סך מאָל. אַ ראָי, אַ שוואָרעם בּינען ווירבּלט אום. טשאַטעס הונגעריקע חיות

ווירבלען אום. ־עניש.

אומווירדיק — אדי. אַרכ. דטשמ [אָפּט אין ליטרש]. ← אומווערדיק. „איר בּרענגט א'ע קרבּנות אויף מײַן מזבּח„, צור, הפּטרת תּולדות. „דאָס דעמפּונג וואָס גייט אויף פֿון דער מנחה איז א, צו מיר„, ישעיה, פּירוש עבֿרי טײַטש, לעמבּערג 1877. אויך מיט ־לעך — „זיא האבּן אונווירדיגליך גיהאַנדלט", יוסיפֿון, אַמשט 1661.

אומווירדיקייט

אומווירדיקייט — די (דאָס), ־ן. ← דפֿוו. ← אומווערדיקייט. „די מלאָכים...האבּן ניט קענין צו זעהין דאז זיך דיא הייליגקייט אונ, אונווירדיקייט זאָלן מישן אונטר אַנדר„, בּראַנט.

מ▯ פֿאַרטײַטשט 'את שקוציהם ואת גלליהם, (דבֿרים, כט, 16): „איר און ווירדיקייט„ [תּי: „זייערע אומווערדיקייטן▯]. [קען זײַן אַז אויך אין די טעקסטן מיט אַ יוד פֿאַרן ריש דאַרף מען לייענען ־ווער־]. "זיבּן אום ווירדיקייט האָט ער אין הערצין", משה אײַזענשטאַט איבּז, דרך הישר לאַבן בּוחן, [אָרט?] 1746. „א'ן...אין שׂונאס האַרץ„; „עס רעדט זיך ניט וועגן ווירדיקייט און א'", שנ, לעזער, דיכטער,

קריטיקער I.
אומווירדע — ← אומווערדע.
אומווירטואָזיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
בײַ (פֿון) אַ ווירטואָז. שפּילן, טאַנצן א', גאָרניט
ווי מע האָט גערימט. ־קייט.

▯

אומווירטשאַסט — די, ־ן. ניט־געראָטענע,
שלעכטע בעלי־בתּישקייט; ווירטשאַפֿט אָן אַ
רווח; אומאָרדענונג אין עקאָנאָמיק. די א,
אונטער דיקטאַטור. א, מחמת ביוראָקראַטישער
השגחה.
אומווירטשאפֿטלעך — אַדי. ← דפֿוו פֿירן
-
.
דעם קיבוץ א'. ־קייט — „אָנגעווייטיקטע
דערשײַנונגען, ווי ביוראָקראַטיזם,
פּראָטעקציאָניזם, א,“, די גאַרבער און בערשטער
שטימע,
מאָסקווע 2 1928' No.
אומוויר(עוו)ען — טרוו. וויר(עוו)ע אום,
~געוויר(עוו)עט. מיט אַ ווירע דורבפֿירן
ליניעס אַרום און אַרום אָדער ווירען פֿונדאָסנײַ,
איבערמאַכן די ליניעס. א, דעם בויגן פּאַפּיר,

אַ דיִאַגראַם.
אומווירקזאַם — אַדי. דטשמ. וואָס ווירקט
ניט. אומווירקעוודיק ◌... א'ע מיטלען. ־קייט.
אומווירקלעך — אַדי. אומרעאַל. אַזוינס איז
נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע. ס'איז א', ס'איז נאָר אַן
אָפּדאַכטעניש.
אומווירקלעכקייט — די (דאָס), ־ן. ← דפּוו.
אומרעאַלקייט. „דאָס איז די ליבע צו מעשׂהלעך,
צו פֿאַרווירקלעכן א'ן“, שנ, וועגן יודישע
שרייַבעך II.
אומווירקעוודיק — אַדי. וואָס קען ניט
ווירקן, האָבן אַ השפּעה, משפּיע זײַן.
פֿאַרבײַטן די א'ע מיטלען מיט אַנדערע, בעסערע.
־יקייט.
אומווישן — טרוו. וויש אום, ~געווישט. ווישן
פֿונדאָסנײַ; איבערווישן; אַרומווישן. א, די
פֿענצטער, די זשאַלוזן. ־עניש.
אומוועבן — טרוו. וועב אום, ~געוועבט.
1. אַרומוועבן. א, די היסטאָרישע געשטאַלט
מיט לעגענדעס. “גזירות און דראַקאָנישע
געזעצן, מיט וועלכע די פֿאַרפֿאָלגערס האָבן
אומגעוועבט דאָס געטאָ„, י. הירשהויט, צוק, 1963,
4. 2. איבערוועבן, וועבן אויפֿסנײַ.
אויספֿעדעמען און א'.

אומוועג — דער, ־ן. 1. זײַטיקער (אַרומיקער,
לענגערער) וועג. ווײַטיקער וועג. „און אויף
דעם א, אויפֿגעדיסן זײַנען אַלע בריקן“, בראָד,
אויסגעקליבענע שריפֿטן. „דאָס איינציקע ווערק

582

וואָס האָט אים אויף א'ן אויסגעלערנט זיך
צוצוהערן צו דער נאַטור„, בעמ I. „ער וועט
אונדז פֿאַראינטערעסירן...אויב ניט מיט זײַן
וועג — איז מיט זײַנע א'ן, מיט זײַן
בלאָנדזשען“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.
*מאַכן אַן א, = אָנלייגן וועג, גיין מיט אַ
לענגערן וועג. „דער שמאָלער גאַנג פֿון שטאָט
אַרויס, אויב מע וויל נישט מאַכן אַ גרויסן א'“,
פּרץ, זכרונות. *זוכן אַן א', ווען עס איז דאָ אַ
וועג = זײַן איבערגעשפּיצט, אויסמײַדן דאָס
פּשוטע, דאָס שׂכלדיקע.
2. ניט־אויסגעטראָטענער, ניט־
אויסגעפֿאָרענער וועג; שלעכטער וועג. „נאָך מײַן
באַפֿליגלטבלינדן שפּאַן פֿאַרבענקט האָבן זיך ערגעץ א'ן
פֿאַרגעסענע“, פּמ, סתּם. „נעמען בלאָנדזשען
אויף שלעכטע וועגן און א'ן פֿון לעבן„, טמז,
28 □1□ 19l I.

3 פֿאַלשער וועג; וועג וואָס מע בלאָנדזשעט
.
אויף אים; ניט דער דרך־הישר. „מײַנע פֿעלדער — מײַנע טעג, וואו אַ נאַקעטע — די נויט אויף איר א', אויף איר וועג, מיט איר קרומען מעסער גייט“, מל, 'דער וואָס אַקערט'. „דער מאַן קאָן אַזאַ...קלאָרן וועג ניט פֿאַרנעמען, דעריבער מוז די פֿרוי גיין מיט א'ן“, דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „אָבער אַפֿילו הינטער די א'ן איז אויך דאָ גאָט“, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע פֿאַרבלאָנדזשעט אויף די א'ן פֿון האַלב ,,
אַסימילאַציע“, ימ, אונדזער ש ול, מעקסיקע 1948. „אַ וועלט, וואָס האָט אַ גאָר באַזונדערע ליבע צו א'ן, טראַכט דען וועגן אויסוועגן?“, צײַט, טמז, 29 1 19 IX.
או'מוועגיק — אַדי. מאַרק ווב. וואָס איז (ווי) אַן אומוועג; זײַטנוועגיק. א'ע בלאָנדזשענישן.
אומוועגן — טרוו. וועג אום, ~געוואויגן. איבערוועגן; פֿונדאָסנײַ וועגן.
אום — וועגז — צגז פּרעפּ (דער סוב צווישן ביידע טיילן אָדער נאָך זיי). אַרכ (איצט נאָר אין פֿרומען סטיל). צוליב, אום, וועגן, פֿון — וועגן. טו עס א, וו, דײַן קנעכט. „פֿר וואַר, אום

זײַנע וועגין [= צוליבֿ אים] בישׂטו וואַרן
גישלאגן“, 'טײַטש פֿון אַקדמות', פֿירט 1694 [הש
III]. „זיי האָבֿן אויפֿגעהויבֿן די זייגנדיקע
קינדער קעגן הימל און האָבֿן געזאָגט מיט גרויס
געוויין: רבֿש„ע טו א, וו, די דאָזיקע קינדער„,
גדולת יונה [איבֿז], וואַרשע 1857.

אומוועזן — דער, ־ס. דאָס וואָס איז ניט קיין
וועזן, דאָס וואָס עקסיסטירט ניט פֿאַר זיך. „רוים
און צײַט קענען ניט זײַן קיין א'ס און אויך ניט
קיין אייגנשאַפֿטן פֿון וועזנס“, מעריסאָן איבֿז,
ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אומוועטער — דאָס & דער, ־ן (־ס).
שלעכטער וועטער (וואָס בֿרענגט שאָדן). „דורך
שטאָרם אונ, אום וועטר...זײַנן זיא אַן גקומן
אין (ק“ק עמדין)“, שאַר, קלא. „מיר האבֿן
אבֿר זער פֿיל...אונוועטר אונטר וועגן גיהט“,
מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. „און דאָס
א, האָט זי אומגעריכט געטראָפֿן„, פּרץ, 'דאָס
אָרעמע ייִנגל'. “אין אַזאַ צושטאַנד זײַנען די
צאַרטע בֿלעטער באַשיצט ווי געהעריק פֿון
קעלט און א'„, א, גאָלאָמבֿ איבֿז, ג. באָטש,
געוויקסן.

אומוועלגערן (זיך) — ← אומוואַלגערן (זיך).
„דאָז כלי פֿר זײַן אויגן בישמירט האָט, אין קוט אום גיוועלגירט“, לט1, ה/2. „שפּײַז דא וועלגרין זיך אום אין דיא גאַסן“, צאינה, מגילת איכה.

אומוועלט — די, ־ן. 1. שלעכטע, אומיושרדיקע וועלט. „איך זאָג אײַך, מיר לעבן ניט אין גאָטס וועלט, נאָר אין אַן א. פֿון טײַוול“, רייד.
2. אַרומיקע וועלט. „ניט קיין ציניִשע באַציאונג צו דער א', נאָר קראַפֿט, גבֿורה“, גרינ, מענטשן און ווערטן. „דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער טראַנספֿער־שטעלע, דורך וועלכער די ייִדן קענען אָנהאַלטן איינציק און אַליין די פֿאַרבינדונג מיט דער א'“, ע רינגעלבלום, כתבֿים פֿון געטאָ.

או'מווע'לטיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין שײַכות מיט דער וועלט. וואָס איז איבער אָדער מחוץ דער וועלט. דאָס א'ע און מעטאַפֿיזישע.
־יקייט — „גראָד ער...מיט זײַן א,...מאַכט דעם טיפֿסטן אײַנדרוק„, קאָר II.

או'מווע'לטיש — אַדי. [פֿאַרשפּרייט אין פֿרומע קרײַזן ▯] וואָס האָט ניט צו טאָן מיט (וואָס ווייסט ניט פֿון) דער ברייטער וועלט. „ער איז אַרײַנגעטאָן אין לערנען, ער איז א, און ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אַרום אים“. ־קייט.

אומוועלטלעך — אַדי. 1. וואָס ווייסט ניט
גענוג וועגן לעבּן אויף דער וועלט, האָט ניט
צו טאָן מיט דער (אַרומיקער) וועלט; וואָס איז
ניט געניט אין בּאַציאונגען צווישן מענטשן, חוץ
דער אייגענער ענגער סבִיבָה. „א'ע
גײַסטלעכקייט„, אמד, די אידישע קליידער
אומוועקסלונג,
ווילנע 1870. „ער איז געווען אַן א'ער און האָט
מורא געהאַט צו פֿאָרן אַליין קיין לײַפּציק“,
רייד. „מענטשן א'ע און הינטער־דעם־אויוונדיקע
וועלן זיך אַוודאי חידושן“, זאַלאָוויץ, פֿאָר,
.30 ▯ 19▯1
2. וואָס איז אַנדערש אָדער אָפּגעריסן פֿון
דעם לעבּן אַרום. „די קורצע מלבּושים, די
געגאָלטע בּאָרד האָבּן נישט צוגענומען פֿון מײַן
צורה דאָס חסידישע, דאָס א'ע“, בּאַש, פֿאָר,
.X 19▯4 31
3. וואָס איז ענג פֿאַרבּונדן מיטן דת, מיט
דער סיסטעם דינים. „ער האָט אַרויסגעשיילט
דעם קערנדיקן וועלטלעכן עצם פֿון דער ייִדישער
רעליגיע פֿון דעם א'ן שאָלעכץ“, בּ. ריווקין,
גרונט־טענדענצן... ־קייט.
אומוועלצן — טרוו. וועלץ אום, ~געוועלצט.
דטשמ. נר. אומדרייען. איבּערקערן. א, די

טיראַנישע רעגירונג. אויך מיט ז י ך — „אַזעלכע
געדאַנקען האָבּן זיך אומגעוועלצט אין מײַן
קאָפּ“, ל. לעווינזאָהן איבּז, י. מ. וואהלמאן,
יפּתּחס נדר, ווילנע 1873 ־ונג — אויך:
רע.
וואָלוציע. „גלויבּן אין דער סאָציאַלער א'“,
ד. עדעלשטאַט, שריפֿטן, לאָנדאָן 1909.
אומוועגד — דער, ־ן. אומדריי; צוריקדריי.
עטלעכע א'ן פֿון ראָד.
אומוועגדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומוועגדן (זיך). „און וויא דר יונג
האָט גיהערט דאשׂ אום וועגדונג וויא זיא אים
האָט פֿר שמעהט דא וואַרן אים זײַן אויגן איין
גפֿאלין“, [איבּז] בּן המלך והנזיר, זשאָלקעוו
.1771

אומוועגדן

אומוועגדן — טרוו. וועגד אום, ~געוועגדט
[דעט, דטש]. 1. אומדרייען, צוריקדרייען
(דאָס געוויינטלעכע וואָרט פֿאַר אומדרייען אין
מיִי פֿרגל: טענדלאַו, 183). „ווען דו דײַן צאָרין
,
טושׂט אום וועגדין אונ אום קערין, אַזו ווערט

דיך איטלכר ליב און האָלד האָבן געריך", עיון, מח/ב. „און, אַלש ער זײַן אַן גזיכט אום ווענדט דאש פּפֿערד צו בּיזעהן„, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

2. אָפּערירן, האָבן אין אומלויף. א, דעם קאַפּיטאַל. „האשׂטו הונדרט גילדן צום הנדל אין הענדן און טושׂט זיא אַלי ווײַל מיט הנדלן אום ווענדן„, עיון, נה/ב.

אומווענדן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך ווענדן צו עמעצן וואָס איז פֿון הינטן אָדער אין אַ זײַט. „ווי דער קעניג האָט עס געהערט, האָט ער זיך אומגעווענדעט צו דער קעניגין„, [אמד], הנסיון, ווילנע 1856.

2. אומדרייען זיך, אומקערן זיך. „האָט זי זיך אָפּגערופֿן צו איר מאַן, אומווענדנדיק זיך צו דער קאַרעטע", אמד, דער הירקאַן, ווילנע 1877. „נאָר איך וואָלט זיך ניט אומגעווענדט, חלילה„, מלה. 3. דז — געהויבּן, מליצהדיק. „תּפֿילה לעני כּי יעטוף...דז איז טײַטש איין תּפֿילה פֿון איינם ארמן דר זיך אום ווענט מיט זײַנם הערצן", עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „קער זיך אום, ווענד זיך אום, אָ, שולמית", פּרק איבּז, שיר השירים.

4. צוריקגיין, אָפּטרעטן אויף צוריק. „און, דאש גאַנץ פֿאָלק דאש ישמעאל...ווענטן זיך אום

און, קערטן ווידר אום“, מ. שערטילש, נתּפֿר ירמיה, פּראָג 1602, מא, 14. „ער הט מיט זיך גהאט פֿיל ריטר און, איין זער גרושׂי שטארקי מאַכט...די זיך ניט א, פֿר קיין פֿאָלק“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764.

אומווענטילירט — אַדי. ניט־ אויסגעלופֿטערט. אַן אָנגערייכערט, א, צימער.

אומוועקסלונג — די, ־ען. דטשמ. 1. אומבײַט. אַ נאָמען פֿון אמד'ס אַ ביכל: די אידישע קליידער א„ ווילנע תּרל“א. 2. טעאַטער־לשון. (גיכער) איבערבײַט פֿון דעקאָראַציעס. „ס'ווען זײַן פֿיר א'ען“.

אומוועקסלען — טרוו. ־סל אום, ~געוועקסלט. דטשמ. נר. דזוו אומבײַטן ←. „אַזוי האָט ער אומגעוועקסלט...דעם בוכהאַלטער און דעם קאַסירער„, אמד, דער בן יחיד, ווילנע 1875. אויך מיט ז י ך — „די הייליקע תּורה ועט ניט א, זיך“, שמו פלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבערג 1893. „האָט זיך דאַן אומגעוועקסלט איר פֿאַרב„, ירמי, יוסף יאקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.

אומווערדיק — אַדי. 1. נישטיק, וואָס האָט ניט קיין ווערט; וואָס האָט ניט קיין ווערדע, קיין אָנזען. אַן א'ע טענה. א'ע קריטיק. „איין

הוך מיטיג הערץ איז פֿר גאָט אונווערדיג“, משלי בלש ון אַשכּנז, פֿפֿדמ 1713. „און, הט זיך בּהפֿט אַן די גזעצן פֿון דשׂ אונווערדיג בּילד פֿון דען קינג“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764.

2. וואָס פֿאַרדינט ניט קיין גוטע בּאַציאונג. „מײַן בּישעפֿיר, דער מיר מער גינאד און, בּאַ. רימהערציקייט...בּיווײַזט מעד אַלישׂ איך, און ווערדיגי זונדיגרין, ווערדיק און, ווערט בּין“,

583

גה, 272. „...'ונגותא, — און צו די א'ע פֿעלקער“, אַקדמות מיט עבֿרי־טײַטש, [לעמבּערג? אָנהייבּ 19. י,,ם].

3. שלעכט, געמיין. „איר הבּט זוא פֿיל אוהנווערדיגה מעשׂים אין אײַך דיא אהני מיגליך אַלי ער צילן קאַן„, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718. „די צדיקים וואָס זיפֿצן...אויף די אַלע א'ע מעשׂים וואָס ווערן געטאָן אין שטאָט“, ספֿר יחזקאל, וואַרשע תּרל“ד. „דער א'ער מענטש, דער טוט אויסדערוויילן אין אײַך, אָבּער ניט גאָט און גיט זײַנע קנעכט“, ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג 1877. „מיט אַ ווערדיקן הייליקן

נאָמען און מיט אַן א'ן, מיאוס פֿאַרשוועכטן תּוכן", ממוס, שלמה.

4. טמא, אומריין; עקלדיק. טוו פֿאַר 'פּגול, (ויקרא, ז, 18; יט, 7 אאַ). אַזוי בײַ מלל, בּאר התּורה אאַ. אויך טוו פֿאַר 'שקץ, (ויקרא, יא, 11). [אין די אַלע שטעלן תּי: „אומווערדיקייט"]. 'בּשׂר פּגול, (יחזקאל, ד, 14) פֿאַרטײַטשט סהמ: „אוםווירדיג פֿלייש", און אַזוי אויך תּי: „ אומווערדיק פֿלייש". מלל פֿאַרטײַטשט 'וגם נפֿשם בּחלה בֿי, (זכריה, יא, 8): „אומווערדיק" [תּי: „האָט זיך געעקלט„].

אומווערדיקייט — די (דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומווערדיק. ס'איז אַן א', ניט קיין טענה (אײַנווענדונג). די א, פֿון דעם געמיינעם האַלטן זיך. „איך בין...לער פֿון גוטס און בין פֿול...מיט אַלע אומרייניקייט און גרויסע א'„, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881.

2. ספּעצ. אָנחשיבֿותדיקייט, קליינלעכקייט; גראָבֿקייט. "אין דער אַרומיקער א, דאַרף מען דורכגיין איינער אַליין, נע־ונד ווי אַ שאָטן„, בּעדג, אָפּגאַנג. „מאַכט א'ן יעדער עזות־פּנים אויף דער שוועל„, בּראָד, אויסגעקליבּענע שריפֿטן.

3. מאָראַלישע מיאוסקייט, עקלדיקייט. „איך האָב שוין געוואוסט אַז מענטשן טוען אָפּ אַלערליי עוולות, נאָר פֿון אַזוינע א'ן האָב איך נאָך נישט געהאַט געהערט“, באַש, מײַן טאַטנס ביתדין שטוב. 4. טוו פֿאַר ,פּגול', 'שקץ, און 'תּועבֿה'. אַזוי פֿאַרטײַטשט באר התּורה ,תּועבֿה היא, (בּראשית, מג, 30). אין תּי 'תּועבֿה, — א, (בּראשית, מג, 32; מו, 34; שמות, ח, 22; דבֿרים, ז, 26). “האָט שלמה המלך געזאָגט: ,תּועבֿת ה, כּל גבֿה לבֿ, — די א, פֿון גאָט איז צו איטלעכן וואָס האַלט זיך בּעל־גאווה“, חה, 163. אין תּי פֿאַר 'פּגול, (ויקרא, יט, 7) — אַן א'; פֿאַר 'שקץ, (מלכים א, יא, 7) — א, פֿון מואבֿ. „און, אויך קיין א, זאָל ער ניט עשׂין און, אַן גאָטישׂ גיבֿוט זאָל ער ניט פֿאַר געשׂין,,, ספֿר משלים פּפֿדמ 1686. “מיין ערבֿ לנד טוט

איר צו א',,, ר, אבֿא בּך, שלמה, סוד הנשמה, אַמשט 9 1.

אומווערדיקן — טרוו. איצ אימפּ נבֿ.

געאומווערדיקט. [־דיק אום?, ~געווערדיקט?] אַרכ.

טמא מאַכן פֿאַראומרייניקן פֿאַראומווערדיקן.

„אום ווערדיגן מיט אום רײנקייט און אום

ווערדקייט מײַן טײַערן שׂכל וואָס דו האָסט מיר געגעבן", איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881.

אומות־.העולם

אומווערדע — די, ־ס? (אַרכ ~ווערדן).
דאָס וואָס האָט ניט קיין ווערדע; דאָס וואָס איז נישטיק, איז קליינלעך. די א, פֿון כּבֿוד־זוכערײַ.
,,איך ווער אי"ה שון מאַכן דז זי איר געלט ניט צו אום ווערדן [דאַטיוו] אויז געבן", מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל,,ד.
אומווערט — די & דער, ־ן. היפּוך פֿון ווערט. ,,דער ווערט אָדער א, פֿון דעם געזאָגטן ליגט אינגאַנצן אין דער נשמה פֿון דעם זאָגער", בּ. ריווקין, אַ גלויבּן פֿאַך אומגלייבּיקע.
,,זוכט ער ווערטן, נישט א'ן", שנ, קריטיק און קריטיקעך, בּ"א 1959.
אומווערטיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין ווערט; אָנווערטיק. א'ע אַרבּעטן, אַרטיקלען, טענות. ,,און, ער האָט פֿר שטערט זײַן זיכרהייט און, זײַן לײַבּ דשׂ ער האָט זיך בּהעפֿט אַן...אונווערטיגן צלם", יוסיפֿון, אַמשט 1661.
־יקייט — ,,גלײַך אַז זי פֿור בּערגט איין בּיזי

אונשטעטיגרין אירי אונווערטיקייט“, יוסיפֿון,
אַמשט 1661. „די אַלטע הייליקטימער...
פֿאַרוואַנדלען זיך אין א'ן“, זשיט.
או'מווערטיקאַ'ל — אַדי. ניט־ווערטיקאַל.
אַן א'ע ליניע, אָבער דאָך נאָענט צום
פּערפּענדיקולאַר.
אומווערטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך אום,
זיך ~געווערטלט. אַ לענגערע צײַט אָדער אָפֿט
זיך ווערטלען, אַרײַנזאָגן, פּרוּוון זאָגן
חכמהלעך. „ס'האָט ניט קיין טעם זײַן א, זיך“, רייד.
אומווערטן — טרוו. ווערט אום, ~געווערט.
איבערשאַצן ווערטן. „וואָסערע ווערטן האָט
אחד־העם אומגעווערט?“, ימ, נײַס, 1926. “די...
ראָמאַנטיק האָט אומגעווערט די ווערט“, קאָר I.
אומווערק — דאָס. מצ ווי אצ. נעאָל. שלעכט,
מינערווערטיק ווערק. „קען זיך דוכטן אַז די
ע רשטע ווערק אָדער א, פֿון דעם דאָזיקן מין
שרײַבער„, שנ, שלום־עליכם.
אומות — [אומעס] די, מצ פֿון אומה ←.
געניצט אויך מיטן באַטײַט: (אַלע) פֿעלקער פֿון
דער וועלט, חוץ ייִדן. ← דווו. סהמ
פֿאַרטײַטשט 'בני נכר, (תּהלים, יח, 46): „דיא א,
קינדער“. „אַלע א, וואָס וואוינען אין די עקן
פֿון דער וועלט ווען זיך בוקן צו גאָט„, מחזור

לראש־השנה, סלאַוויטע 1832, י/א. „די שטראַלן און די פֿליטערלעך, די צאַצקעדיקע קוויטעלעך — דאָס זײַנען פֿאַר די א'. דאָס פֿאָלק ישׂראל דאַרף זיי ניט“, יהואָש, 'וואָס מער שאָטן'.
פֿאַרוואָס רודערן די פֿעלקער און די א, טוען „—
בּרומען אומנישט? ['ולאמים יהגו ריק'],„ תּי, תּהלים, ב, 1.

אומות־העולם — [אומעס־האָאוילאָ□] די. אצ נבֿ. < תּל (למשל חולין, פּט/א; מגילה, יב/ב אאַ). פֿעלקער פֿון דער וועלט; אַלע פֿעלקער חוץ ייִדן; די ניט־ייִדישע וועלט. שׂנאה צו ייִדן צווישן די א'־ה'. [ווען משיח וועט קומען, וועלן די א'־ה, זיך מגייר זײַן, לויט עבֿודה זרה, ג/ב.] „דז מיר ניט זאָלן גאַר פֿר לאָרן ווערן אין גלות אונטר דען א, ה'“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „אַזעלכס איז צווישן די אַלע א'־ה אַליין נאָך קיינמאָל ניט געווען...

לעת־עתּה מוזן די פֿעלקער פֿון דער וועלט...“, ממוס, אַ סגולה... „עס זענען דאָ אַפֿילו עפּעס

אומות־העולמדיק

נאָך אַנדערע [מענטשן] אויך, נאָר דאָס זענען
גלאַט אַזוי זיך א'־ה, — און וואָס גייען זיי
וועמען אָן?“, ממוס, ווינטשפּ. „עס וועט קומען
אַ צײַט, ווען די א'־ה, וועלן קומען צו אונדז
לערנען תּורה“, פּרץ, 'וואָס הייסט „נשמה'.
פֿאַראַן גרויסע ליכטיקע שטערן וואָס לײַכטן...
„ - —
פֿון דער ייִדישער בינע אַרויס, וואָס זייער
אָפּשײַן דערגרייכט אַזש צו די א'־ה'“, שע,
בלאָנדזנדע שטערן II. „דער חומריותדיקער
קערפּער וואָס אין זײַן חומריות איז ער ענלעך צו
די קערפּערס פֿון די א'־ה'“, תּניא, קלט. „די
ליטעראַטורן פֿון די א'־ה, האָבן עס אַ סך
לײַכטער“, בּ. ריווקין, ה. לייוויק.... א'־ה'־
ל ש ו ן = שפּראַך פֿון דער אַרומיקער
ניטייִדישער באַפֿעלקערונג. „אַ נאָמען געגעבן האָט
מען אים עקיבֿאַ, פֿאַרשריבן אויף א'־ה'־ל, האָט
מען קובֿאַ“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
חסידי־אומות־העולם ←.
אומות־העולמדיק — אַדי. וואָס איז אַזוי
ווי בײַ די אומות־העולם. „איבערנעמען די
מיטלען פֿון דער הויך־אַנטוויקלטער טעכניק פֿון די
א'־ה'ע ליטעראַטורן„, בּ. ריווקין, גרונט־
טענדענצן....

אומות־עכום — [אומעס־אַקום] די. אצ נבֿ. געצנדינערישע פֿעלקער [עכום = ר"ת: עבֿודת (עובֿד, עובֿדי) כּוכבֿים ומזלות = דאָס דינען (דינער) פֿון שטערן און מזלות (= בּאַוועגלעכע שטערן).] „בּאותה פּעם זיינען אַלי א'־ע, דער וויטערט גיוועזין„, נצ1.

או'מזאָ'גלעך — אדי. וואָס מע קען ניט אַרויסזאָגן, אויסדריקן דורך ווערטער. „איז שטימונג — אָט די א'סטע פֿון אַלע אונדזערע איבערלעבענישן", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. „די א'ע צאַרטקייט", ימ. ־קייט.

או'מזאַ'כט — אַדי. ניט־אָפּגעהיט, ניט־געלאַסן. א'ע טריט. א'ע רייד.

או'מזאַ'כלעך — אַדי. וואָס איז ניט בּאַזירט אויף פֿאַקטן, אויף פּראַקטיק; וואָס איז אָן אַ תּוך. אַן א'ער וויכּוח. ־קייט.

אומזאַמען זיך — אוטוו. זאַם זיך אום, זיך ~געזאַמט. זאַמעט. אַ לענגערע צייט זיך (פֿאַר)זאַמען; שפּעטיקן זיך. „וואָס זאַמסטו זיך אום בּיי אים בּיז שפּעט אין אָוונט?"

אומזאָנסט — אַדי. דטשמ. נר. אומזיסט. „דו צעלאָזסט דיך גאָר א, מיט דיין פּיסק אויף שרויפֿן", זלמן סאָבעל, זיווגים, וואַרשע 1874. „טרוימער, טרוימער, דו נאַאיווער, ווילסט א,

אין הימל פֿליִען“, י. באָוושאָווער, בילדער און גערדאַנקען.

אומזאַנסטיק — אַדי. ניט גענוג מילד, ווייך; אַ ביסל שרײַאיק. א'ע קאָלירן. רעדן מיט אַ צו הויכן, א'ן קול. ־יקייט.

אומזאַסטיק — אדי. וואָס האָט ניט אָדער האָט ווייניק זאַפֿט. א'ע פּירות ־יקייט.

.

אומזאַץ — דער, ־ן. אויסקער. סכום געלט אָדער סחורה וואָס גייט דורך אין אַ געשעפֿט במשך פֿון אַ באַשטימטער צײַט (יאָר, האַלב יאָר, קוואַרטאַל, חודש). סחורה־א, פֿון געשעפֿט. געלט־א, פֿון אונטערנעמונג. מאַכן אַ גרויסן (קליינעם) א'. “קויפֿן און, פֿר קויפֿן, האַנדלין און, וואַנדלין, וועקסלן און, אום זעצין, גווינן“,

אליהו בר, ליזר קוטניס, תּלמיד צחקן מוסרי,
אַמשט 1692־1698. „נאָר דער גרויסער א,
בּרענגט מער געווינס ווי ווייניק לייזן מיט
פּאַרדינסט“, קמ, 34 1864, No. א,־רשימה. א'־
ליסט(ע). א'־קאַפּיטאַל. א'־מיטלען. א'־ש ט ײַ ע ר
— שטײַער וואָס מע נעמט לויטן א, פֿון אַ
געשעפֿט. „[אָפּשאַפֿן] דעם א'־שטײַער, וואָס איז
אַן איבּערבּלײַבּעניש פֿון די אינפֿלאַציע־יאָרן“,
רעדע פֿון דעפּ, איגנאַצי יעגער אויף דעם
פּלענוט פֿון דער סיים־זיצונג, לבֿובֿ 1932.
אומזאָרג — די, ־ן. היפּוך פֿון זאָרג,
אָנזאָרגעוודיקייט פּריוואָלע א''“, י. העשעלעס, צוק,
„ .
4 19, II III־ .
אומזאָרגן זיך — אוטוו. זאָרג זיך אום, זיך
~געזאָרגט. אַ לענגערע צײַט (אָדער אין אַ
שטאַרקערער מאָס) זיך זאָרגן. א, זיך וועגן די
קינדער וואָס שרײַבּן ניט.
אומזאָרגעוודיק — אַדי. וואָס איז אָן (גענוג
זאָרג (בּאַמיאונג); אומבּאַקימערט. וואָס בּטבֿע
האָט עס ניט קיין זאָרג. בּאַציִען זיך צו עפּעס
א'. „איז בּטבֿע שפּראַך־א, און עס פֿעלט אים
לחלוטין די ווירטואָזיטעט פֿון טרייבּערן דאָס
שפּראַך־פֿלייש“, ש. בּיקל, שרײַבּער פֿון מײַן

דור־ ־יקייט — אַן אָפּגעלאָזנקייט, אַן אומאָפּגעהיטקייט, אַן א'.
אומזגראַבּנע — אַדי. ניט־געשיקט; ניט

אַקוראַט(נע). א, בּאַוועגונגען. טאָן עפּעס א'.
־קייט.
אומזויבּער — אַדי. 1. ניט־ריין. „דיא לײַט וואשׂ פֿירן זיך אימר מיט אום זובּירי קליידר", עיון, נג/ב. „ער זאָגט, דוא זאָלשׂט מײַן הויז מײַדן דוא זאָלשׂט מײַן הויז ניט און זויבּר מאַכין", 'בּחורים־ליד, פּפֿדמ 1750 [ייִבל III].
,
„און, ער שערט זיך אבּ די האַר...און, טעט שלעכטי אום זוברי קליידר אַן", יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. „דיא הענט פֿון ר, יודא דיא ווארין מלוכלכות אום זויבּר", נצ1, דבֿרים, לג/ד.
2. מאָראַליש אומריין; ניט־ערלעך. א'ע מעשׂים. א'ע מיטלען. 3. פֿאַרזינדיקט, אײַנגעריכט אין (מיט) עבֿירות. „ווען נון דער מענש זינדיגט איין גאַנץ יאַר און, איז און זויבּר און, (מטונף) מיט עבֿירות", ספֿר המנתגים, אַמשט 1723, לה/ב. „רשע — דער דא האָט פֿאַר זײַנם הערן קיין מורא...זײַן טייל אַזו און

זויבר“, ספֿר משליס, פֿפֿדמ 1686. ־לעך —
פֿקפֿ אַן א, צימער.
אומזויבערקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן (מאַכן)
אומזויבער. „אביר זונשׂט פֿיל אונ, זויבּרקייט
ליגן בײַא אַנדרי ווײַבר אונ, גין מיט אייטיל
ליגן“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פֿראָג 1602,
כג, 14. “איין טייל ווײַבר פֿלעגן אוישׂ צו
פֿליסן איין אום זויבערקייט אונ, זיא מיינן
דאשׂ ווער איר סדר“, ר, משה הרופֿא מק“ק
מעזריטש הסמוך לבריסק, ירושת משה, [
ווילהרמרשדאָרף] 1677. „זעלכי גופֿות האבין זיא
גיהאט בשעת מתּן־תּורה...דז קיין אום
זויברקייט מצד הרע איז אַן זיא ניט גבליבן“, נצ1,
במדבר, יב/א. “די און זויברקייט פֿון די
טעכטיר פֿון שטאַט ציון, כלומר איר עבֿירות“,
סהמ, ישעיה, ד, 2. „און, [זײַן ווײַב] הט אים...
אַן גקליידט אונ, אב גוואַשין זײַן און

זובראומזינזנ

קייט„, יומיפֿון, פֿיורדא 1764. „א, פֿון דער
הויט שפּילט אַ גרויסע ראָל אין פֿאַרשפּרייטן
אַזעלכע קראַנקייטן“, דר, י. איפּ, פֿגעז, פּאַריז

אומזוימען — טרוו. זוים אום, ~געזוימט.
אַרומזוימען, מאַכן אַ זוים אַרום און אַרום. א,
אַ לײַלעך ־ונג.
.

-

אומזויסן — אוטוו. זויף אום, ~געזויפֿט (זן
~געזויפֿן). זויפֿן, שיכּורן אַ לענגערע צײַט.
א, אין שענקען. ־עכ ן. ־עניש. ־ערײַ.
אומזוכן — טרוו. זוך אום, ~געזוכט. 1. זוכן
אַ לענגערע צײַט. „כ'הער ריידן פֿון סודות
אומאַנטפּלעקטע, וואָס מענטשן זוכן אום און
שטאַרבן ניט־געזען“, בּ. לאַפּין, צייכנס. 2.
זוכן אין פֿאַרשיידענע ערטער. “אַזאַ איז ניטאָ,
מע זאָל די וועלט א'“, ממוס, פּריזיוו.
־עכ ן. ־עניש. ־ערײַ.
אומזומ(ז)ען — אוטוו. זומ(ז)ע אום, ~
געזומ(ז)עט. פּפֿ: ~זשומ(זש)ען. אָנאָמ. אַ
לענגערע צײַט (אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער)
זומען, זשומען. א, ווי בּינען. ־עניש. ־ערײַ.
אומזונסט — אדי. ארכ. מיִ. קורלאַנד, זאַמעט.

,,דער .(←.) דזוו אומזיסט Mhd. : ummesuns
זײַן גיזעלן אום זונשט ערבטן לוסט אונ,
גיבט אים זײַן לון ניכט", מ. שערטילש, ספּר
ירמיה, פּראָג 1602, כב, 13. "אונ ווארום
זאָלשטו זינדיגן...צו טיטן דוד אום זונשט",
סהמ, שמואל א, יט, 5. "אייערש ל[אַ]נג
אוישן בלייַבן ניט גאָר אום זונשט ווער",
פּראָגב, 30. ,,א, איז דער טויט, אָבער ער קאָסט
דאָס לעבן", טענדלאַו, 757. ,,מחלל שבת זײַן
א'", טענדלאַו, 75. ,,דאז ווער ווינציג כבוד
גיוועזט, דש דאז גיהנום און דאז גן עדן זאָלט
אום זונשט זײַן בישאַפן גיוואָרן,,, לט1, א/א.
,,ער וועט האָבן חכמה און תּורה און זילבער
א'", צור, הפטרת נח.
אומזיג — דער, ־ן. נעאָל. ימ. זיג וואָס קאָסט
דעם זיגער צו טײַער. "נאַך אַזאַ א, — און מיר
וועלן אַראָפּ פון מאַרק".
אומזיגלען — טרוו. ־גל אום, ~געזיגלט.
1. אַרומזיגלען פון אַלע זײַטן. א אַ פּאַקעט.
2. איבערזיגלען. א, ווײַל דער פריערדיקער
זיגל איז ניט קאָנטיק.
אומזידלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פון אומזידלען (←. ב1). א'־קאָמיסאַר =

דײַטשער באַאַמטער וואָס האָט אָנגעפֿירט די ליקווידאַציע פֿון אַ געטאָ.

אומזידלען — טרוו. ־דל אום, ~געזידלט. איך מיט ז י ך. 1. דטשמ. [אַרײַן אין פֿאָלקשפּראַך אונטער די נאַציס. אין אַנדערע פֿאַרבינדונגען נר.] איבערטראַנספֿאָרטירן פֿון איין וואוינאָרט אויף אַן אַנדערן. א, פֿון גרויס־געטאָ אין קליין־געטאָ. 2. ארכ. אײַנוואַלגערן. „גלײַך אַז איין גילדן נאָז ב[אָ]נד אַן דער נאָז פֿון חזיר דא בשמירט דש חזיר אונ, זידלטש אין אַש אום, אַזו אויך איז איין שינה פֿרויא...“, סהמ, משלי, א, 22.

אומזיווג — דער. מצ נב. ניט־געראָטענער, שלעכטער זיווג. „זיי האָבן שטענדיק זיך אַרומגעקריגט. ס'איז ניט קיין זיווג מן השמים, נאָר אַן א, פֿון טײַוול„, רייד.

Iומזיטלעך

אומזיטלעך — אַדי. דטשמ. נר. אוממאָראַליש. א'ע אויפֿפֿירונג. “אַן א'ער, אַ פּראָלער, אַ יעזואיט, אַ גאָרניט„,ייִל, דער פּריטשעפּע, אַדעס 1876. “אויף קיין פֿאַל קען מען ניט האַלטן פֿאַר א', ווען מאַן און ווײַב, אַפֿילו אויב זיי האָבן שוין דערוואַקסענע קינדער, האָבן נאָך

קינדער", פַגעז, ווילנע 3 1925, No. ־קייט —
"לעבן אומגעשטראָפֿט אין דער גרעסטער א'",
ייִפֿאָל, 49 1884' No.

אומזיטן — די. אצ נבֿ. ניט קיין פֿײַנע,
שלעכטע מידות. לײַדן פֿון א'. ניט קענען פֿאַרטראָגן
א,.

אומזײַט — די, ־ן. נעאָל. זײַט גאַס וואָס האָט
ניט־גראָדע נומערן. א, און גראָדזײַט. "אַלע
גאַסן אויף מערבֿ־זײַט פֿון זשעלאַזנע[־גאַס]
מיט [דער] א, פֿון כלאָדנע[־גאַס]", ע.
רינגעלבלום, ,נאָטיצן, [בלעטער פֿאַר געשיכטע I,
1948].

אומזײַן — דאָס. מצ נבֿ. ניט־זײַן,
אומעקסיסטענץ. "וואָרצלען פֿונעם א, וואָס פֿירן צו דער
ליבע", צײַט, גש I.

אומזיין, אום זיין — אוטוו. [אום וואַ] ארכ.
--
.
אויפֿהערן זײַן, זיך ענדיקן. "דא נון דיא אַכט
טאָגן אום וואַרן, די דער מלך גיזעצט האָט",
מבֿ, מעשׂה קמג. ,,און, זוא האָט ער גטאן אַלי
טאָג, ביז איין יאַר אום וואַר", שאַר, לט/ב.

אומזייען — טרוו. זײַ אום, ~געזײַט.
איבער -

זײַען, נאָכאַמאָל דורכזײַען, דורכלאָזן דורך אַ
זײַער. א, מעד. א, די לאָקשן. ־עכץ. ־עניש.
אומזיכטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומזיכטיק, אומזעאיק. „דער וואָס האַלט איר [=
דאָס בלימעלע] אין האַנט, ווערט א', דאָס הייסט
אַ רואה ואינו נראה“, אמד, די גײַטטער
געשיכטען, ווילנע 1871. „ס'טאַנצט די טויטע צווישן
זיי מיט א'ע טריט“, יהואַש, יפּתּחס טאָכטער'.
„א'ע שטראַלן“, פֿגעז, ווילנע 2 1923, No־3.
אַרכ אומזיכבאַר. „און, ער האָט זיך ניט
גקענט אום זיכבאַר מאַכן פֿאַר זײַן (תּליון)
און, ער האָט זיך ניט פֿון אים קענן בשערמן“,
שאַר, סט/ב. ־קייט.
אומזיכטיק — אדי. וואָס מע קען ניט זען.
א'ע שטערן. “די X־שטראַלן גייען דורך דורך
א'ע קערפּערס“, פֿגעז, ווילנע 2 1923, No־3.
„צווישן אונדז...איז געשטאַנען אַ מין א'ע
גראַבּע וואַנט“, סאָוו צ, [נש, ישפּ 3 (10)]. ־יקייט.
אומזיכטן זיך — דזוו אומזען זיך. ארכ. “דא
זיכט דער מלך אום אויף דיא זיבּינציג לײַט
דיא פֿר אים שטינין“, הבּחור חנוך בּר, צבֿי
הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718.
אומזיכער — אדי. 1. ניט־זיכער, ניט־פֿעסט,
ניט אַנטשלאָסן. גיין א'. שטעלן א'ע טריט. א,

-

ווי אין וואַלד. גיין (ווי) אויף אַן א'ער בּריק.
,,האָבּ איך מיט אַן א'ן קול געענטפֿערט“,
ישעיה בּר אַנסקי, די ערשטע עבֿירה,

פעטער

בּורג 1887. ,,האַלבּ א', פונקט ווי דורך אַ דרימל,
ווײַזט אַ האַנט מיר אַן דעם 'גוטן אָרט'“, מר
II, נ“י l908. ,,ער האָט אָנגעהויבּן צו זאָגן
,הנני', גייענדיק פֿון דער טיר מיט א'ע טריט“,
ש. וויגאָדא פֿאָר, l964 I l9.

,

2. אומפֿאַרלאָזלעך. אַן א'ער פלאַן. ,,מאַכן

585

אַן א'ן מענטש פֿאַר אַן אָנפֿירער, איז ווי מאַכן
אַ הונט פֿאַר אַ קצבֿ“, רייד.
3. סכּנותדיק. ,,ווי מעכט איר אַליינדיק
רײַזן, דען איך ווייס דאָס דאָ גאַנץ א, איז,,,
מע Iה הש ט, לבֿוב תּרכ,,ב.
4. וו אַ סובּ, אומזיכערקייט. “מחמת
אוני
זכיר זײַנה מיר ווידר איין היים גיצויגין,,,
פּראָגבּ, 47. ,,ווי אַ בּרענגראָז פֿאַרלויפֿט דער א,

דײַן גאַנג״, סוצ, ייִדישע גאָט.

אומזיכערהייט — די (דאָס), ־ן. ← דווו.

„זײַן א, פּיטערן מיט נײַע יסורים און פּײַן״,

מך יI, נ״י 1908.

אומזיכערקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומזיכער. לעבן אין א'. ״אַן אייביקע מורא פֿאַר דער א, און דער אומפֿאַרוואָרצלטקייט פֿון דעם זײַן״, קאָר I. „שטערונגען אין די באַוועגונגען...א',

אומגעשיקטקייט...״, פֿגח, ווילנע 11 1927' No־12.

אומזילבערן — ־ער אום, ~געזילבערט. טרוו — באַזילבערן, אַרומזילבערן. איבערזילבערן.

א אַ באַשטעק. אוטוו — נעאָל. כסדר אַדער אַ

,

לענגערע צײַט שײַנען (אויסזען) ווי זילבער.

„עס זילבערט אום די נאַכט, באַצויבערט און באַטרונקען״, אַל III ־ונג.

.

אומזין — דער. מצ נבּ. n־sin י: Mhd.

1. דזוו אומזינען ←. 2. דאָס וואָס איז אָן וויסן, בלא־יודעים, אָן אַ כיוון. סהמ פֿאַרטײַטשט 'כי בבלי דעת הכה, (יהושע, כ, 5): „דען אום זין ער האָט געשלאָגן״ [תּי: „אָן אַ

כּיוון▯]. 3. אָפּדאַכטעניש, פֿאַרפֿירעניש. „דא
דוכט [דער הונט] אין אים זין זײַן, אין דער
וואַשׂר דען ווידר שײַן — איין אַנדר שטיק
[פֿלייש] דא אונטן ליגן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ
▯8▯1.

אומזינבאַר — אַדי. דטשמ. נר. אומשׂכלדיק; אינסטינקטיוו. „א'ע קראַפֿט“, ד. עדעלשטאט, שריפֿטן, וואַרשע 1906.

אומזינגען — טרוו. זינג אום, ~געזונגען. זינגען אַ לענגערע צײַט. א, לידער טאָג ווי נאַכט. ־עכ▯ן. ־עניש. ־ערײַ.

אומזינדיק — אַדי. וואָס איז אָן זינד, אָן עבֿירות. „ס'האַרץ פֿון אַ שטערן א, און ריין“, סוצ פֿעסטונג. „די אומשולד פֿון די א'ע“, מלך

,

ראַוויטש, איק, ראָש־השנה תשכ“ד. ־יקייט.

אומזינדיקן — אוטוו. ־דיק אום, ~געזינדיקט. זינדיקן אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט. א, יאָרןלאַנג און דערנאָך וואַרפֿן שטיינער אויף אַנדערע.

אומזיניק — אדי. 1. וואָס האָט ניט קיין זינען; זייער נאַריש, אַבסורד(יש). א'ע רייד. „ווער זוכט דאָס דאָרטן צו וואַרפֿן אַ שאָטן / פֿון א'ע

רייד אויף מײַנע טאַטן?“, מר I, נ“י 1908.
,,ס'איז ניטאָ קיין מער א'ע האַנדלונג צום שאַדן פֿון געזונט“ פֿגעז, פּאַריז, 1949, No
, ...

10־11. סהמ פֿאַרטײַטשט 'נעויתי, (תּהליס, לח, 7): ,,איך בּין וואַרן אונזיניג“.

2. וואָס איז אַ פֿאַרזען, אַ טעות, אָן אַ כּיוון. סהמ פֿאַרטײַטשט 'מכּה נפֿש בּשגגה, (יהושע, כ, 3): ,,דער דא שלאָגט איין לײַבּ...און זיניג,, [תּי: “דורך אַ פֿאַרזע,,].

אומזינקייט

3. אַרכ. משוגע, וואָס איז ניט בּײַם קלאָרן פֿאַרשטאַנד. ,,זי מיינטן ער ווער אונזניג גיווארן“, בּבא—בּוך, 176. מע) און מלל פֿאַרטײַטשן 'והיית משגע ממראה עיניך, (דבֿרים, כח, 34): “אונזיניג“, ,,און זיניג“. “זיא האבּן אַזו דיא נבֿיאים אונ, זיניק גיהיישֿן“, מ. ש ערטילש, ספֿר ירמיח, פּראָג l602, כט, 26 פֿרייטאג
,, .
האַט געמיינט אַז ער איז א, געוואָרן“, ראָבּינזאָן קראזוע, וואַרשע l874. אָפּט סובּ. ,,צו זײַן איין בּיפֿעלר...איבּר איטלכם אום זינדיגן [

טעותהדפּוס, דאַרף זײַן אום זיניגן] און, דער דא
נבֿיאות טוט זאָגן", סהמ, ירמיה, כט, 26 [תּי:
"איטלעכן משוגענעם"]. "דא לויפּט דר מאַן
אַלזו גשונדן הין און, ווידר אין די שאַר פֿון
די רומיים גלײַך ווי איין אונזינגר", יוסיפּון,
פּיורוא 1764.
אומזיניקייט — די (דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפּט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומזיניק. גרויס
נאַרישקייט. אַבּסורד(יש)קייט. "דשׂ לידיג גין
בּרענגט דען מענשן צו און זיניקייט", מהמ,
אמשט 1722, קמח/א. „איך בּין איין קינד פֿון
זיבּן יאַר און, דוא בּישׂט אַלט זיבּנציג יאַר,
און איך שפּאַט איבּר דײַן אום זיניגהייט",
יוסיפּון פּיורדא 1764. „צו וואָסערע
געפֿערלע,
כע א'ן מע קען זיך דעררעדן", בּ. שעפֿנער,
פּאָר, 23 ▯ l962 I.
2. אַרכ. משוגעת. אבֿ, שמות דבֿריס, איזנע
l542: שגעון — "אונסיניקהייט". מ▯]
פֿאַרטײַטשט ,יככה ה, בּשגעון, (דבֿרים, כח, 28):
"מיט אונזיניקייט". „ווען ער ווידר אום גיהיילט
ווירד פֿון זײַנר אונזיניקייט", יוסיפּון, אַמשט
1661. "מורדים אין זייער א, און שלעכטע
געדאַנקען, האָבּן זיך געשטאַרקט לעקור ממשלת

השלום,,, בּרוך רידזונסקי, איבּז פֿון ווילנער קהל, 'הודעה על פּי פּקודת הקיסר יר,,ה לעדת יהודים דגובּערניעס ווילנא והוראָדנא ואָבּלאַסט בּ אַליסטאָק', ווילנע 1812.
י

אומזינען — דער. מצ נבּ. דאָס וואָס האָט ניט קיין זינען, איז אבּסורד, איז אינגאַנצן אומלאָגיש, איז אומפֿאַרשטענדלעך. אַזוי פֿאַרדרייען דעם צווייטנס ווערטער, עס זאָל זיך בּאַקומען אַן א'. וואָס איז דער זינען פֿון אַזאַ א'? ,,אויף אַזאַ אופֿן וועט ייִדיש אויסמײַדן דעם א, און די אומרעאַליסטישקייט פֿון דעם 'קאָרעקטן, ענגליש, וואָס איז סטאַנדאַרדיזירט געוואָרן פֿון פּעדאַנטן אין 18. י''ה'', ייִשפּ .XI, 1

אומזינענדיק — אדי. דזוו אומזיניק. ''אונ, ער [= שאול]...פֿיל אום זינינדיג דען גאַנצין טאָג אונ, דיא גאַנצי נאַכט'', סהמ, שמואל א, נג/ב. ־ערהייט — אדוו. אין מצבֿ פֿון זײַן אָן אַ זינען. ''ער פֿירט דיא דאט האַרן (שולל) אונזינענדיגר הייט, דהײַנו וועו גוט וויל איז ער זיא מבֿלבּל אונ, דיא ריכטר פֿר נרט ער'', סהמ, איובֿ, יב, 17. [תּי: ,,ער מאַכט אומגיין די יועצים בּאַנומענע''.]

אומזינקייט? — די. דזוו אומזיניקייט. סהמ
פֿאַרטײַטשט 'אכּה כּל סוס בּתּמהון ורכבֿו
בּשגעון, (זכריה, יב 4): ,,וויל איך שלאָגן
איטלכשׂ פֿערד...מיט פֿר טומלונג, אויך זײַן רײַטער...
[מיט] אומזינקייט" [מעגלעך אַ טעות־הדפֿוס,
ס'פֿעלט אַ י נאָכן צווייטן נון].

אדמזימט

אומזיסט — אַדי. M□d: ums□st. אַרכ.
אומזינסט. 1. וואָס מע בּאַצאָלט ניט
דערפֿאַר, וואָס איז בּחינם. ,,די זון שײַנט פֿאַר
אַלעמען (איטלעכן) א'",, שוו. ,,א, טרינקט מען נאָר
וואַסער",, שוו. ,,דאָס לעבּן איז די גרעסטע
מציאה — מע קריגט עס א'", שוו. ,,א, קושט
מען נאָר די מזוזה", שוו. ,,א, איז נאָר דער
טויט, און דאָך קאָסט ער דאָס לעבּן", שוו.
,,ער וועט אויסטיילן ערד...קומט און נעמט ערד
א,", א. ראַבּאָי, אייגענע ערד. stoבּ פֿאַרטײַטשט:
חנם — ,,אום זינשׂט", יג/א. ,,ווען איך אין קענט
אום זינשׂט ביקומן, זא ווישׂט איך קיין פֿאָרט
צו בּרענגען", פּראָגבּ, 43.
2. זייער וואָלוול, וואָס איז אַ סך ווייניקער
פֿון דעם אײַנגעשטעלטן מקח, ווערט פֿאַרקויפֿן

.

(פֿאַר) א', (פֿאַר) האַלב א'. „א, קריגט מען נאָר מיסט“, ש וו. „א, קען נאָר די קישקע אַרויסקריכן“, שוו. „ווער עס וויל טאָן אַ מצווה, מוז ער זען, עס זאָל ניט זײַן חלילה א, און אָן כּוח, נײַערט וועדליק זײַן כּוח און זײַן פֿאַרמעג“, נצ2, פּא/ד. „איך האָב געגעסן א, דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פֿלייש, און די אָרעמעלײַט האָבן געצאָלט טײַער און געגריזעט ביינער“, ממוס, קליינמענטשעלע.

3. אומנייטיק, אומנוציק, איבעריק. א'ע מי, אַרבעט, האָרעוואַניע, טרחה. „אַ קליינע סרחא און א, די טרחה„, שוו. „צום שפּיץ איז אַלדינג אַ הבֿל און אַן א'ער קלאָפּאָט„, מס, קהלת, תּקע“ט, א, 14. „דואָס טויג מיר מעזיסטע עבֿירות“, טעיאַטאָר. „א, אונדזער ווײנען, א, אונדזער קלאָגן“, לאַט, דאָס יודישע קינד. „שוא שקד שומר, איז א, די מי פֿון אַבי וועלכן שומר„, ממוס, 'נשׂרפֿים'. „ער מאַכט גאָר א, אָן גרויסע הוצאות„, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

4. וואָס איז אָן אַ פּעולה, אָן אַ רעזולטאַט. „ווען נייט אַ שנײַוער א'? אַז ער פֿאַרגעסט צו מאַכן אַ קניפּל“ פֿרש. „אַצינדערט קלינגט אין

,

אַלע גאַסן אַז אונדזער אויסגאַנג איז געווען א',,, פֿל. ,,און עשׂ [קען] נאָך געמאָלט [זײַן] אַז זײַן מי זאָל זײַן א,, כלומר ער זאָל גאָר אין דעם וועג ניט פֿאַרדינען קיין געלט,,, חה, ב, 194. ,,איך נעם אַרויס...אַ פעקעלע מיט שוועבעלעך, רײַב, רײַב...א'. עס וויל ניט ברענען", ממוס, פֿישקע. ,,וויפֿל האָבן זיך א, אונדזערע בעסערע מענטשן אויסגערעדט די גאַל,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,יעדער מאַמע לויבט איר קינד, און א, דאָס לויבן", פּרץ, לידער און פּאָעמען. *א, זיך פּאַטשן, (גלעטן) אין בײַכל = אָן גרונט האַלטן אַז מע האָט עפּעס דערגרייכט. א

5. ניט־פֿאַרדינט, וואָס עס קומט ניט. עסן א, ברויט. א'ער עסער (פֿרעסער). א, העלפֿן עמעצן. א, גלייבן אין עפּעס. ,,און האָבן מיר געוואָלט צאָלן א', האָב איך ניט געוואָלט נעמען קיין געלט א'", נצ2, כט/ד. ,,אַן א'ע קללה ווערט נישט מקוים", מס, משלי, תּקע"ד, כו, 2. ,,דאָס באַשאַפֿענע פֿון אַין צו יש [עקסיסטירט] מיט אַן א'ן חסד,,, תּניא, 324. ,,ער איז ניט פֿון די לערער וואָס נעמען געלט א',,, אַר, ,דער העברעאישער לערער'.

אומזיסט(ע) ג ע ל ט = ניט־פֿאַרדינט געלט. ,,פֿאַרוואָס קומט אים א'ע געלט? איַ, וואָס ער

אונטערשרײַבן...נישקשה איך וועל אים אַ קוועטש טאָן", א. י. סאַפּיר, חטאת הקהל, ווילנע תּרמ"ח.
אָבער: אויסגעבן (פֿאַרשווענדן) א, געלט = וואָס מע דאַרף ניט אויסגעבן. ,,[דאָס בענטשער] האָט ער געקויפֿט ניט חלילה דערפֿאַר וואָס ער איז אַ צעלאָזן ייִנגל און פֿאַרשווענדט גלאַט א, געלט", אַר, 'דאָס בענטשערל'.

6. וואָס איז אָן אַ באַלוינונג אָדער אָן אַ שטראָף. ,,און פֿאַר דעם געווײן וואָס זיי האָבן א, געוויינט — האָסטו באַצאָלט צו זייערע קינדער,,, איין נײַע שס תּחנה, לתשעה באָבֿ, פּיעטריקאָוו 1881. "ס'זאָל די עשׂו'ס, גאָט, אָפּלויפֿן ניט א, יענער טאָג, ווען ס'הויז מײַנס איז געוואָרן וויסט,,, ממוס, יודל.

7. וואָס מע האָט ניט געדאַרפֿט קריגן; וואָס קומט צופֿעליק. א'ע פּעטש, קלעפּ. ,,ווער האָט א'ע בײַלן, ווער האָט רויטע אויגן", מס, משלי, תּקע"ד, נג, 29.

8. וואָס איז אָן אַ (גענויגיקער) סיבּה. ,,גאָט שטראָפֿט ניט א'", שוו. ,,ווער עס ווערט

א, בּרוגז ווערט ווידער א, גוט“, שוו. „אַ פֿרײַנד קען מען זיך קויפֿן, אַ שׂונא קריגט מען א',,, שוו. „קיין א'ער שׂונא איז ניטאָ — מע בּאַצאָלט פֿאַר אים“, שוו. „אַ מאַמעס האַרץ וויינט ניט א'“, ממוס, קליאַטשע. „א, זעצט זיך אַפֿילו קיין געשוויר (מכּה) אויך ניט“, שוו. „און דײַן טאַטע, מחמת זײַן גדלות, וויל ער אים הרגענען א'“, נחבֿ, 'מעשׂה מבּערגיר והעני'. „בּוודאי איז דאָס א, ניט געוועזן, אַז די יהודים האָבּן ניט געקענט פּטור ווערן פֿון דעם בּיטערן טויט,,, מע▯Iה אומן. „און, האָט מיך גיבּעטין איך זאָל מיט מײַנם ווײַבּ רידן. ער וואָלט עשׂ ניט אום זישׂט בּגערן,,, 'שו,,ת הרמ,,א', קראָקע 1640 [השׁ I]. [מע האָט געפֿרעגט דעם דובּנער מגיד: „רבּי, איר האַלט אין איין שטראָפֿן יִדן, און איר פֿאַרלאַנגט נאָך, מ'זאָל אײַך דערפֿאַר בּאַצאָלן?“ האָט ער געענטפֿערט גלײַך אויף אַן אָרט: „איך לערן זיך פֿון דעם אייבּערשטן, ער שטראָפֿט אויך ניט קיינעם א',,. ווש מיט בּ1]. „גאָט, ווייסט וואָס דו טוסט, קיינעם שטראָפֿסטו ניט א',,, פֿל.

9. וואָס איז ניט כּדאַי; לוינט זיך ניט. האָט ניט קיין זינען. א, זיך אָפּעסן דאָס האַרץ. א, זיך זאָרגן. „און א, האָבּן מיר דעם חדר אויף

די שולע פֿאַרביטן", מ. חאַשקעס, לידער פֿונ'ם
הערצען, קראָקע 1888. „אָ פֿינצטערע
אומענדלעכקייט! אָ, שטומע אומפֿאַרשטענדלעכקייט!
בלײַבט א, מײַן דענקען גאָר?", מר I, נ"י 1908.
ומזיסט־ (און) אומנישט — אַדוו (אויך
אַדי). דזוו אומזיסט, אָבער עמפֿאַטישער. „א'־
א, זיך געבלאָזן און זיך אויפֿגעשטויכן דאָס
מיט דעם און דאָס מיט יענעם", ממוס, קליאַטשע.
„און מאַכן גאָר א, א, א', דעם גאַנצן גאָרטן צו
קויט און צו מיסט", ילג, זיחת־חולין, וואַרשע
1889. „עס איז געווען פֿײַנלעך צו זען, ווי דער
גרויסער פּרץ פֿאַרטאַכלעוועט זײַן טײַערע
ענערגיע א, א, א'", מוק, פּרץ און דאָט יידישע
טעאטעך. אַרומיאָגן זיך אַ גאַנצן טאָג א'־א'.
„א'־א, נאָר בלוט פֿאַרגאָסן,„ בראָד,
באַגײַסטערונג. „א, א, א, איז אויפֿגעשרויפּט געוואָרן דאָס
פּראָבלעם , ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער.
„א, א, א, דערלויבן צו ציִען פּרנסה פֿון זײַנע

אומזעלבשטענדיק

פֿעלדער", יוסף מאַרגאָשעם, עראינערונגען פֿון
מײַן לעבן.

אומזיסטיק — אַדי. דזוו אומזיסט (אַמאָל שוואַכער) מיט בּבּ 3־8. „אָט די זײַנען פּרעסער, א'ע עסער„, י. ש. פּרענאָוויץ [מינפּי II]. „רײַסט זיך אַדורך אַ האָגל פֿון שטיינער, וואָס פֿאַלן אויף דיר פֿון א'ע שׂונאים„, מר □I, נ"י 1908. „אויפֿן פֿערד אין כּעס געוואָרן און אים מיט רוגז אַן א'ע רוט אַראָפּגעלאָזן„, בּערג, נאָך אַלעמען. „געטראַכט וועגן די עטלעכע א'ע יאָר„, בּרוך מילער, זאַמלונגען XII. „אין אַן א'ן פֿאַרזוך צו געפֿינען אַ גאַנצקייט“, קאָר I. „א'ע שולד„, הל.

אומזיסטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומזיסט(יק). „ער איז דורכגענומען געוואָרן מיט אַ געפֿיל פֿון א'„, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאא□קער.

אומזיסטיקן — טרוו. אומזיסטיק (?), אומזיסטיקט. נעאָל. אַרויסבּרענגען אומזיסט־אומנישט; מאַכן עס זאָל זײַן אומזיסט. „דער צער אונדזערער ווערט אומזיסטיקט, בּאַמיסטיקט, גראָבּ צוגעדעקט מיט פֿאַרגעסנקייט“, יג, 1956.

אומזיסטערהייט — אַדוו. ווען עס איז (אָדער אין מצבֿ פֿון זײַן) אומזיסט. „שרײַען [נאָ□I הילף א, אַ גאַנצע נאַכט“, לאַפּין, צייכנס.

אומזיפּן —. טרוו. זיפּ אום, ~געזיפּט.
איבערזיפּן. א, מעל.
אומזיפּען — ← אומזשיפּען.
אומזיפּצן —־ אוטוו. זיפּץ אום, ~געזיפּצט.
פּפּ: ~זיפּצען. זיפּצן אַ לענגערע צײַט.
א, טאָג און נאַכט. ־עניש.
אומזיצן — אוטוו. זיץ אום, בין ~געזעסן.
זיצן אַ לענגערע צײַט אָדער אַ צאָל מאָל. א,
אין טורמעס.
אומזכות — [...סכוס] דער. מצ נב. נעאָל.
היפּוך פֿון זכות. „עס איז אונדזער זכות...וואָס
[עס] האָט זיך...לכתחילה אײַנגעגעבן און
אונדזער א, וואָס דערנאָך האָט זיך עס ניט אַזוי
אײַנגעגעבן„, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר
אומגלייביקע.
אומזעאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט
זען. א'ער שטערן. א'ע ליכט־כוואַליעס. ־יקייט.
אומזעבאַר — אַדי. דטש מ. נר. ← דפֿוו. „די
א'ע, אָבער דאָך אַזוי געפֿערלעכע שׂונאים פֿון
דער מענטשהייט“, פֿגעז, פּאַריז 1949, No 10-11.
„דער א'ער וואָס קוקט אונדז אייביק אָן“, ר.
זשיכלינסקי, שווײַגנדיקע טירן. ־קייט.
אומזעגלען — ־גל אום, ~געזעגלט. אוטוו —
זעגלען אַרום עפּעס. א, אַרום אַן אינדזל.

אַקוזוו — אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ זעגלשיף.
א אַ שיפֿל. א, דעם גאַנצן באַלטישן ים.

,

אומזעגן — טרוו. זעג אום, ~געזעגט.
אַרומזעגן. א, אַ קלאָץ.
אומזעטיק — אַדי. וואָס זעטיקט ניט (גענוג).
א'ע שפּײַז. ־יקייט — האַלטן אין איין עסן
און לײַדן פֿון א'.
אומזעלאָטיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ
אַ קנאָי, אַ פֿאַנאַטישן קעמפֿער. א'ע פּשרות.
־קייט.
אומזעלבּשטענדיק — אַדי. פּפֿ:

אומאומזעלטן
זעלבּסטשטענדיק — נר. וואָס איז ניט
אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון עפּעס אָדער עמעצן.
וואָס האָט ניט איבּער זיך די פֿולע דעה.
זעלבּשטענדיקע און א'ע מלוכות. זײַן פֿוליערק און
בלײַבּן א'. "באַפֿרײַען דעם ייִדישן א'ן גײַסט פֿון
זײַן פֿאַרשקלאַפֿונג צום...ספֿר", ש. ראַווידאָוויטש,
ייִבּל XXI, 2. ־יקייט — „די פֿאַלשקייט פֿון
די ריכטער, זייער א'", א. בּונדאָוועץ, פּאָליטישע
פּראָצעסן, זשענעוו 1904. „אויפֿן סמך פֿון זייער
גײַסטיקער א',...באַשטימט געוואָרן צו פֿאָלגן

אַנדערע,,, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, בּ"א 1949.

אומזעלטן — אַדי. ניט־זעלטן (אָבער אויך ניט צו אָפּט). א'ענע דערשײַנונג ־קייט.

.

אומזעליק — אַדי. אַרכ. אומגליקלעך. אָפּשטויסנדיק. ,,ווארום זאָל איך אַלזו אונזעליג זײַן", ספּר משלים, פּפּדמ 1686. "עז איז דיר איין שנד דז דו זאָלשׂט פּראגן נאָך איינס זאָלכן א'ן קינד,,, בּראַנט. ,,ווען ער [=דער אָבֿל] אונטר נכרים גיט, אונ, די לײַט רידן צו אים: דו זיכשׂט אַזו אום זעליג אויז...", ש. פּראַנקפּורט, ספּר החיים, זולצבּאַך תּקנ,,א. אויך סובּ. ־יקייט — ,,דיא זיך פּאַר קיינה קללה...פּאַר קיינה און זעליגקייט און פּאַר קיינן גזר דין פּירכטן", קאַלענבּערג, לבֿ בּנים על אבֿותם, האַלע 1732.

אומזעלנעריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי בּײַ אַ זעלנער, ווי מע ריכט זיך פּון אַ זעלנער. א'ע איידלקייט. א'ער אויפּפּיר. ־קייט.

אומזעלעך — אַדי. נעאָל. דזוו אומזעאיק [וואָס איז אַ סך בּעסע]. ,,— ערשטנס, איז קליין און א, בלויז איין איינציק הייוון־קײַלעכל", ע. איזראַ פּון פּעלד צום טיש, קיִעוו 1928.

אומזען — טרוו. זע, זעען אום; ~געזען (~ געזעען). 1. אַרומזען און אויסגעפֿינען. „ער האָט זיך זייער געשראָקן פֿאַר דעם סוחר, מחמת ער האָט אום געזעען אַז [יענער] האָט זייער גרויס אַכזריות און כּעס אַקעגן אים", נחבֿ, 'מעשׂה מבּן מלך ובֿן שפֿחה,. 2. איַינזען. א אַז מע האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט.

אומזען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך אַרומזען, אַרומקוקן זיך. זיך א, און דערזען, באַמערקן. „זיא וליהן [= פֿליִען = אַנטלויפֿן] דאז זיא זיך ניט אום זעהן דען שרעקין איז אומנטום,,, מ. שערמילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, מו, 5. „דא וואַרן זיך דיא בּרידר אום זעהן אויף אַלי פֿיר זײַטן, דא זאָגט יוסף: וואשׂ זיבט איר איַיך אום", צאינה, ויגש. „איך האבּ מיך אַלי אַגין בּליק אום גיזעהן נאָך מײַן יאַקבֿ", גה, 102. „איך בּין אוישׂ דעם שלאַף אויף גיקומן, דא האבּ איך מיך אום גיזעהן וויא ר, ראובֿן איז בּאַר הייבּטיג גיזעשין", 'שו"ת מהרש,,ל', לובּלין 1599 [השׁ I]. „אַלשׂ איין מענש פֿאַלט אונ, שטרבּ וואַר קיינר דער זיך צו אים אום זאַך", ר, יעקבֿ בּר, מתּתיהו [איבּז], תּם וישר, פֿיורדא

1768. ,,איך וויל אויך אַרויסגיין מיך אומזען, טאָמער וועל איך געפֿינען באַקאַנטע קאָמיסינערן“, יאַ, שטערנטיכל.
2. זיך אָריענטירן, זיך באַטראַכטן (און קומען צו אַ מסקנא). זיך א, וואו מען איז אויף (האַלט אין) דער וועלט. ,,אַמאָל האָב איך מיך...

אומגע587

זען אַז נישט אַלעמאָל האָבן די גרינגע...אַ גוט געלייף,,, מס, קהלת, ט, 11. ,,איידער ער האָט באַוויזן (געקענט) זיך אומצוזען, איז שוין געשען“. ,,האָט מען זיך...גוט...אומגעזען איידער מע האָט איר געגעבן צו טרינקען די מים המאררים,,, קמ, 1866 25, No. ,,ווי פֿיל מער גיהערט ער זיך אום צו זעהן אום איין זיווג הגון צו זוכן“, לט1, קנב/ב. ,,און איידער מע האָט זיך אומגעזען איז ער שוין אין דעם דאָרף געווען,,, עט, משלים. ,,אי זיך דער קויניג רעכט אום זאַך, דא לאג ער אונטר דעם פּפֿערד הר נידן“, בבֿא־בוך, 156.
3. זוכן. א, זיך וועגן אַ כּלה, אַן איידעם. א, זיך מכוח אַ שטיקל פּרנסה.
4. קזוו. זיך אָפּט באַגעגענען. פּד. זיי זעען

זיך אום יעדן טאָג.

5. אַרכ. לייגן אַכט; אַכטונג געבן. זיך זאָרגן. זײַן אָפּגעהיט. „ביז אינש צעהנט דור זאָל מן זיך אום זעהן, דעם גר זײַני קרובֿים ניט פֿיל טאָן פֿר שמעהן", צוכט. „דיא פֿרויא...זאַך זיך זער אום נוך אירן ליבן. דאַרום וואַר זיא דרהיימן גיבליבן", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. „ער זאָל זיך אום זעהן אום עניים אָדר צו זעהן בײַא חולאָים מיט זיא אביר גוטש טאָן", אַריה ליב בר, יהודה זעליגמאן, תקוני המועדים, פֿיורדא 1725. „יוסף הצדיק...האָט זײַן יצר־הרע איבערגעוועלטיקט און האָט זיך אויף איר ניט אומגעזען", חבור יפֿה מהיש ועה, וואַרשע [1846?].

או'מזע'עוודיק — אדי. 1. וואָס זעט ניט. בלינדע, א'ע אויגן. 2. וואָס מע קען ניט זען; וואָס לאָזט ניט איבער קיין סימן. א'ע טינט. „און די א'ע רעזולטאַטן זענען בידי שמים", א. רעגעלסאָן, גק, No 46. ־יקייט.

אומזעצן — טרוו. זעץ אום, ~געזעצט. 1. איבערזעצן פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדער אָרט; פֿונדאָסנײַ פֿאַרפֿלאַנצן. א, די בוריקעס. 2. פֿונדאָסנײַ אויסזעצן. א, דעם אַנאָנס. 3. ארכ. איבערזעצן פֿון איין שפּראַך אויף אַ צווייטער.

יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774,
פֿאַרטײַטשט: „טראַנזלאַטירן...אום זעצן„. 4. אַרכ.
צוריק אַרויפֿזעצן. „און, ער מאַכט אונטר טעניג
זיא און, ער הולף דעם תּלמי און, ער זעצט
אים ווידר אום אויף זײַן קיניגרײַך“, יוסיפֿון,
אַמשט 1661.

אומזעצן זיך — ← דפֿוו. 1. דזוו אַרומזעצן
זיך. א, זיך אַרום טיש, אַרום לערער. 2.
איבערזעצן זיך, בײַטן די ערטער. „זעצט זיך אום,
וועט זײַן באַקוועמער„. ־עניש.

אומזשאַווערדיק —־ אַדי. היפּוך פֿון
זשאַווערדיק. וואָס ווערט ניט פֿאַרראָסט. „
אַרויפֿצושטויסן אַן א'ן שטאָף־סאַטעליט אין אָרבּיט“,
טמז, 3 1963 ▯I. ־יקייט.

אומזשומען — אומוו. ־מע אום, ~געזשומעט.
אָנאָמ. ← אומזומ(ז)ען. זשומען אַ לענגערע
צײַט. בינען זשומען אום. א, אין קאָפּ מיט
איבעריקע רייד. ־עכ▯ן. ־עניש.

אומזשיפּען — אומוו. ־פּע אום, ~געזשיפּעט.
1. שווער אָטעמען אַ לענגערע צײַט. 2.
קוימקוים לעבן. „איר פֿרעגט ווי עס לעבט זיך —

אומהזרן

עס שלעפּט זיך; מע קריכט אַרום, מע זשיפּעט
אום,,, רייד. ־עניש.
אומזשל(י)אָקען — טרוו. ־קע אום, ~
געזשל(י)אָקעט. אַ לענגערע צײַט זשל(י)אָקען,
זויפֿן. א, בראַנפֿן פֿון פֿלאַש ־עניש.
.
אומזשעבּרעווען — טרוו. ־רעווע אום, ~
געזשעבּרעוועט. גיין איבּער די הײַזער און א,
נדבֿות. אַרומגיין און צונויפֿנעמען נדבֿות,
מתּנות.
אומזשענירט — אַדי. ניט־שעמעוודיק; וואָס
רעכנט זיך ניט מיט אײַנגעשטעלטע מידות
אָדער מיט אַ צווייטנס בּאַקוועמלעכקייט. א,
אַרײַנזאָגן. ,,מע קען א אַרײַנקומען אין אַ
בּע,
סערער...געזעלשאַפֿט...זיך אונטערהאַלטן“, צעד.
“אויסרעדנדיק די ווערטער הויך, א'...“, ווינטש
II , נ“י 1927.

-
אומהבּר — [...כאַווער] דער, ־ים. שלעכטער
חבֿר; חבֿר וואָס מע האָט זיך צעקריגט מיט אים.
אומפֿרײַנד. ,,איך ווייס ניט פֿאַרוואָס ער איז מיר

געוואָרן אַן א'‘‘, רייד.

-

אומהבֿרותאדיק — [...כאַוורו'סע..] אַדי. וואָס
פֿאַסט זיך ניט צו (אַרײַן) צו (אין) דער גרופּע,
דעם קרײַזל; אומגעזעלשאַפֿטלעך. א'ע
אויפֿפֿירונג. האַלטן זיך א, ־יקייט.
—
.

-

אומהבֿריש — [...כאַ'וועריש] אַדי. וואָס איז
ניט ווי בײַ (פֿון) אַ חבֿר; וואָס איז ניט ווי מע
ריכט זיך פֿון אַ חבֿר. א, און ניט־פֿאַרגינעריש.
זײַן א, מיט אַ קאָלעגע. ־קייט.

-

אומהבֿרן זיך [...כאַ'ווערן...] אוטוו. חבֿר זיך
אום, זיך ~געחבֿרט. אַ לענגערע צײַט פֿירן
פֿרײַנדשאַפֿט, זײַן חבֿר. א, זיך מיט גלײַכנס.
א, זיך מיט אַ נחות־דרגא.

-

אומהבּרשאַסט — די & דאָס, ־ן. מצבֿ אָדער געפֿיל פֿון זײַן אומחבֿר(יש). די קנאה קומט פֿון א'.
אומהוזקן — [...כוי'זעקן] אוטוו. חוזק אום, ~געחוזקט. אַ לענגערע צײַט אָפּשפּאָטן, טרײַבן חוזק. א, פֿון אַ בעל־מום. א, פֿון דער גאַנצער וועלט.
אומהושימדיק — [...כושימ...] אַדי. וואָס איז ניט געבונדן מיט די חושים, ווערט ניט אויפֿגענומען פֿון זיי. דאָס א'ע וויסן ־יקייט.

.

אומהושכן — [...כוי'שעכן] אוטוו. חושך אום, ~געחושכט. אַ לענגערע צײַט אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער (אָפּ)פֿינצטערן. א, ווי אַ לערנער צווישן עם־הארצים. א, אין אָרעמקייט.
אומהזרן — [...כאַ'זערן] טרוו. חזר אום, ~ געחזרט. 1. איבערחזרן. זאָגן, טאָן ווידעראַמאָל. „דאז איז אַלשׂ אובן גישריבן...דאַרום בּידארף איכשׂ ניט ווידר אום צו חזרן“, לט1, יט/ב. „נייארט ער האָט אום גיחזרת דיא ריד....,, נצ1, במדבר, ט/ד. „עשׂ איז אַהיים גיקומן פֿון רבי האָט עשׂ זײַן לערנן אום גיחזרת“, ר,

עקיבֿא בער בר, יוסף, מע□Iי ה,, פּפֿאָ 1796.
2. איינחזרן, איינלערנען. ,,דר פֿר געסט דיא תּורה...דער וויל ער איין עצל וואַר אונ, האָט ניט אום גיחזרתּ“, סהמ, משלי, כד, 31. ,,אונ, האָט וועלן זיין תּורה אום חזרן,,, ספֿר מע□tה ה', אַמשט 1723, יז/ב. ,,דוא זאָלשׂט דיין לערנן אימר אום חזרן פֿון הינטן ביז פֿאָרן“, עיון,

אומהידושן זיך

נד/ב. ,,ע□ר זאָל אים נאָך דרייסיק טאָג מיט פֿרידן לאָזן, דאָס ער זיין לערנען א, וויל“, הרבֿ אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם, לאַשצובֿ 1817.
אומהידושן זיך — [...כי'דעשן...] אוטוו. חידוש זיך אום, זיך ~געחידושט. אַ לענגערע צייט זיך חידושן, זיך וואונדערן, זיין אין התפּעלות. א, זיך איבער (פֿון) די נייע המצאָות.
אומהילופֿן — [...כי'לעפֿן] טרוו. חילוף אום, ~געחילופֿט. עטלעכע מאָל (איבער)בייטן, אויסבייטן. א, אַ פּעלץ אויף אַ מאַנטל, אַ מאַנטל אויף אַ פּאָר הויזן און בלייַבן ביי אָנוטשעס.
אומהינוך — [...כינעך] דער. מצ נבֿ.

שלעכטער חינוך, אומפֿאַסיקע דערציאונג. די קוריאָזן
פֿון א'. דער שאָדן פֿון א'.
אומהכם — [...כאָכעם] דער, ־ים [...כאַכאָמים].
נאַר (אַ ביסל איידעלער). "אַזוינע א'ים זענען
די באַנקעט־גייערס פֿון יענער אָרגאַניזאַציע
פֿאָרט ניט", מ. שעכטער, ייִשפּ XIII, 1 ־דיק
.
— אַדי.
אומהכמהדיק — [...כאָ'כמע...] אַדי. וואָס
איז אָן קלוגשאַפֿט. ריידן, האַנדלען א'. ־יקייט.
אומהכמהן זיך — [...כאָכמען...] אוטוו. חכמה
זיך אום, זיך ~געחכמהט. פּפֿ: ~הכמהנען
זיך, לד. אַ לענגערע צײַט זאָגן ווערטלעך,
אַרײַנזאָגן, זיך וויצלען. זיך א', זיך לאָזן
וואוילגיין אויפֿן חשבון פֿון זײַנע מענטשן.
־עניש.
אומהכמען זיך — [...כאָ'כעמען...] אוטוו. חכם
זיך אום, זיך ~געחכמט. איר. כלומרשט זײַן
אַ חכם (בײַ פֿאַרשיידענע סיטואַציעס),
אַרויסווײַזן אַז מען איז אַ קלוגיטשקער. „נאָר אַ
שוטה חכמט זיך אום", רייד.
אומהן — [...כיין] דער, ־ען. 1. קליינע מדרגה
פֿון אַנטיפּאַטיע; פֿון ווידערגעפֿיל. עס פֿאַ ל ט
אַן א'. ו ו אַ ר פֿ ן אַן א'. אַרויסרופֿן א'. „

דערפֿון איז אַרויסגעקומען, וואָס מע וואַרפֿט אַן א, אויף די מלאָכה", צבֿי ניסן גאָלאָמבֿ, די בורזש ואַזיע, וואַדשע 1906. „פֿאַרוואָס האָט זי דאָס אָבער אויף אים אַזוי אַן א, געוואָרפֿן?
פֿאַר ־.
וואָס איז ער איר נישט געפֿעלן?", עט, דער פֿעטער פֿון אַמעריקע, ווילנע 1925. „זי האָט געוואָרפֿן אַן א, אויף אַלע מאַנספּערזאָנען פֿון קליין ביז גרויס", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
פֿאַלט ביי אים אַן א, אויף עניני לא־טובֿ פֿון
„ — —
עולם", תּניא, 372.
2. דאָס וואָס רופֿט אַרויס
אומבאַפֿרידיקטקייט, אַנטיפּאַטיע. „חן קאָסט ניט מער ווי א',,,
שוו. „ער האָט ליבֿ דעם מאָדנעם חן וואָס ליגט אין דער קונסט צו מאָלן א,,, שנ, 1943. "כ'האָבֿ מקבל באהבֿה געווען אַלע שאַנד־און־שמאַכן און איך טו איצט מיין א, זען אויף אַלע, אַלע זאַכן,,, הל, אין טרעבלינקע....

-

אומהניסה — [...כניפֿע,...כאַניפֿע] די. מצ נבֿ. היפּוך פֿון חניפֿה. רעדן מיט באַקציינער און

מיט א,.
אומהניסהדיק — אַדי. ← דפֿוו. א, אַרײַנזאָגן.
־יקייט.
אומהניק — [...כייניק] אַדי. סטוטש. וואָס האָט (פֿאַרמאָגט) ניט קיין חן; אומסימפּאַטיש. אַן א, אויסזען. א'ע רייד.

583

אומהנעוודיק — [...כענ...,...כײנ...] אַדי. וואָס האָט ניט קיין ליבלעך אויסזען. א', אָבער קלוג. ־יקייט.
אומהנפֿע(נע)ן — [...כאַנפֿען] טרוו. חנפֿע אום, ~געחנפֿעט. חנפֿענען אַ לענגערע צײַט. חנפֿענען אַ צאָל מענטשן. א, אַ באַלעבאָס, זיך לעקן צו אים. א, אַלעמען, פֿון דעם פּריץ ביז

זײַן פֿערדיונג ־▯ עניש.

.

אומהסד — [...כעסעד] דער. מצ נבֿ.
אומגענאָד, אומלײַטזעליקייט; אומוואוילגענייגטקייט.
״ער האָט אים אויפֿגענומען אָפֿיציעל, שטײַף און
מיט א,״, ימ.
אומהסידיש — [...כסידיש,...כאַסידיש] אַדי.
וואָס איז ניט אַזוי ווי בײַ (צווישן) חסידים
אָדער איז ניט אין הסכּם מיט חסידות. אַן א'ע
קאַלטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט. אַן א'ער אופֿן
טראַכטן ־קייט.

.

אומהקרנען זיך — [...כאַקרענען] אוטוו. חקרן
זיך אום, זיך ~געחקרנט. חקרנען זיך אַ
לענגערע צײַט. א, זיך אַהין און אַהער און ניט
קומען צו קיין אויספֿיר.

▯

אומהריסות — [...כריפֿעס,...כאַריפֿעס] די, ־ן.
היפּוך פֿון חריפֿות. אַרויסווײַזן א, ־דיק —

.

אַדי. א'ע רייד, מעשׂים ־דיקייט.

.

אומהשבון — [...כעזשבן] דער, ־נות. (
סוחריש) פֿאַלשער, שלעכטער חשבון. צוריקשיקן
.
דעם א'.
אומהשבתען — [...כעזשבענען] טרוו. חשבון
אום, ~געחשבונט. 1. איבערחשבונען, מאַכן
דעם חשבון אויף אַן אַנדער אופֿן, אויפֿסניי.
ס'איז אַ טעות, לאָמיר א'. 2. חשבונען אַ
לענגערע צייט. א, און ניט קענען פּטור ווערן
פֿון טעותן.
אומהשדימדיק — [...כשאָדעמ...] אַדי. וואָס
איז ניט אונטער אַ חשד; וואָס רופֿט ניט אַרויס
קיין חשדים. א'ע באַווייזן. א'ע רייד.

-.
אומהשוב — [...כאָשעוו] אַדי. וואָס איז ניט
חשובֿ. אַן א'ער מענטש. „געלט איז א', חשובֿ
איז דער מענטש“, רייד. [אין קאָמפּאַראַטיוו
אויך:...כעשעווע] .

-
אומהשובֿדיק — אַדי. ← דפֿוו. וואָס איז ניט
גענוג חשובֿ. אַן א, אויפֿפֿירן זיך. ס'איז א, צו
בעטן זיך ביי אים. ־יקייט.

-

אומהשיבֿות — [...כ(אַ)שי'וועס] די, ־ן. היפּוך פֿון חשיבֿות. „מורא...מסירה...געוואַלד... קאָנפֿאָרמיזם...די פֿיר זײַלן פֿון מענטשלעכער א'„, ש. בּיקל, טמז, 1954 II 12. „שטעקט ניט אין דעם מעסטן מיט אַן אַנדער לשון אַ מין א, צו ייִדיש?“, ים, ייִשפּ XXIII, 3.

-

אשהשיבֿותדיק — אַדי. וואָס האָט אין זיך ניט קיין חשיבֿות. „אין אַן אומקלאָרער און א'ער שפּראַך“, ש. בּיקל, טמז, 1962 I 12. ־יקייט.

אומהשק — [...כיישעק] דער. מצ נבֿ. דאָס וואָס איז אָן חשק, אָן אַ בּאַגער. אַרבּעטן מיט א', זיך אונטערפֿוילן. „ס'האָט זיך אַרײַנגעמישט רבֿ א'“. „זיי ווערן געבוירן דווקא פֿונעם א, אָדער פֿון דער אוממיגלעכקייט איבּערצוגעבֿן די איבּערלעבֿונגען“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.

אומטאָלעראַנטקייט

אומטאָגטעגלעך — אַדי. מאַרק ווב. וואָס קומט ניט פֿאָר, חזרט זיך ניט איבער יעדן טאָג; אויסערגעוויינלעך. א'ע דערשײַנונג. ־קייט.

אומטאַדלהאַפֿט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען (דאַרף) ניט טאַדלען.

אומטאַט — די, ־ן. דטשמ. שלעכטע טואונג, מיאוסע האַנדלונג.

אומטאַטואירן — טרוו. ־איר אום, ~ טאַטואירט. איבערטאַטואירן, טאַטואירן אויפֿסנײַ. א, די ברוסט. ־ונג.

אומטאָטשען — טרוו. ־טשע אום, ~ געטאָטשעט. 1. אַרומטאָטשען, אַרומשלײַפֿן. א, אַ גאַלקע. 2. איבערטאָטשען, איבערשלײַפֿן. א, אַ גאָלמעסער ־עניש.

.

אומטאַלאַנט — דער, ־ן. קנאַפּער טאַלאַנט; כּמו־טאַלאַנט. „און וואו געקינסטלטער א, פֿאַרנעמט דעם אָרט פֿון טאַלאַנט“, ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן....

אומטאַלאַנטירט — אַדי. היפּוך פֿון טאַלאַנטירט. אַן א'ער שרײַבער, קינסטלער אע. ־קייט.

אומטאַלאַפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~ געטאַלאַפּעט. אויך מיט ז י ך. אומשלעפּן זיך,

אומפּלאָנטערן מיט די פֿיס.
אומטאַלירט — אַדי. 1. ניט־טאַלירט, ניט אויסגעמישט (וועגן קאָרטן). אַן א, פּעשל קאָרטן. 2. איבּערטאַלירט. ־ערהייט — אַדון, בּ□.

אומטאַלירן — טרוו. ־ליר אום, ~(גע) טאַלירט. איבּערטאַלירן, איבּערטאַשן, איבּערמישן. א, קאָרטן. ־ונג.

או'מטאַלעבּע'נדען — ־דע אום, ~(גע) טאַלעבּענדעט. אוטוו — 1. גיין הין און צוריק, אָן אַ ציל. א, איבּער די גאַסן. 2. פּלאַפּלען, כּסדר זיך צוריקקערנדיק צו דעם זעלבּיקן ענין. א, אַרום דעם אַלטן וויכּוח. טרוו — בּמקום־ווערבּ פֿאַר אומקלאַפּן, אומקנאַקן אע. א, מיט אַ העמערל די זוילן פֿון אַלטע טרעטערס.

אומטאַלעבּענדען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַרומשלעפּן זיך, אַרומגיין, אַרומפּאָרען זיך. א, זיך מיט די לעצטע כּוחות. ־עכ□ן. ־עניש.

אומטאַלענטירט — אַדי. 1. דזוו אומטאַלאַנטירט. 2. וואָס איז אָן קענטענישן פֿון אַ פֿאַך. אַן א'ער שוסטער.

אומטאַלעפּעטשען — ← אומטאַלאַפּען.

או'מטאָלעראַ'נט — אַדי. וואָס איז ניט

סובֿל, פֿאַרטראָגט ניט עפּעס וואָס איז
ניטאייגנס (קוק, שטאַנדפּונקט, מיינונג אע, גרופּע,
סבֿיבֿה אע); וואָס דערלאָזט ניט גלײַכן ווערט,
גלײַכע רעכט אָדער חשיבֿות פֿאַר אַן
אַנדערשגלייביקן, פֿאַר אַ גרופּע פֿון אַן אַנדער קרײַז
אָדער מיט אַן אַנדער מיינונג. א'ע מערהייט.
„[זײַן] קריטעריום איז אַ בּולט־פּאָליטישער,
בּאַפֿעלערישער און א'ער“, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקעד II.
אומטאָלעראַנטקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומטאָלעראַנט.
אַרויסווײַזן א, צו נאַציאָנאַלע מיעוטים. „ווײַזט

או'מטאָלעראַ'נץ

אַרויס אַ פֿענאָמענאַלע א'“, ג. אַראָנסאָן אין
געשיכטע פֿון בּונד II.
או'מטאָלעראַ'נץ — די, ־ן. מצבֿ אָדער נטיה
פֿון זײַן אומטאָלעראַנט, אומפֿעאיק אָדער
אומוויליק צו טאָלערירן. א, צו ייִדן, צו דער ייִדישער
אמונה. א, צו אַן אַנדער פּאַרטיי, צו אַ מיעוט.
„א, און שׂנאה מצד דעם הערשנדיקן פֿאָלק צו
אַלץ וואָס איז פֿאַרבּונדן מיט ייִדן“, לל, איק,
ר“ה תשכ“ד. “פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן בײַ

וועלכע אייער רופֿן אַרויס געוויסע סימנים פֿון
א, ווי הויט־אויסשיטן“, פֿגעז, פּאַריז 8 ,1949.
אומטאָלערירבאַר — אַדי. דטש מ. נר. ←
דוווו. „געשטראָפֿט געוואָרן מיט אַ לאַגע וואָס
איז א‘‘, טמז, 19 1963 II.
אומטאָלערירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (דאַרף) ניט טאָלערירן. א'ע גרײַזן,
דעפֿעקטן. א'ע פּראָפּאַגאַנדע ־קייט.

.

אומטאָלקעווען — אוטוו & טרוו. ־קעווע אום,
~געטאָלקעוועט. אַ לענגערע צײַט טאָלקעווען,
אַרומריידן. א, (וועגן) אַן ענין.
אומטאָן — דער, ~טענער. שלעכטער טאָן.
טענער און א'טענער.
אומטאָן — טרוו. טו אום, ~געטאָן. [פֿאָרמען
← אויסטאָן]. 1. טאָן פֿונסנײַ, איבערטאָן. א,
אַן אַרבעט. 2. אַרומוויקלען, אײַנוויקלען. „און,
מן זאָל קיין קינד אום טראָגן נאַקיט...מן זאָל
אין אין איין ווינדל אום טון אודר איבר דעקן‘‘,
בראַנט. מיט ז י ך — זיך אָנקליידן אין אַנדערע
קליידער אויף אַן אַנדער שטייגער. 3. צו נישט
מאַכן, בטל מאַכן. א, וואָס מע האָט געטאָן.
אומטאָן זיך — אוטוו. דזוו זיך אַרומטאָן,
פֿאַרטיק ווערן. זיך א, מיט דער אַרבעט.

אומטאַנצן — טאַנץ אום, ~געטאַנצט. אוטוו
— 1. אַרומטאַנצן; אַרומשפּרינגען טאַנצנדיק.
א, און זיך וועגן גאָרנישט ניט זאָרגן.
2. טאַנצן אַרום עפּעס אָדער עמעצן; וועלן
געפֿעלן דורך באַדינען, קעכלען, חנפֿענען. א,
אַרום דעם פּריץ ווי אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב.
א, אַרום דער בת־יחידה. טרוו — טאַנצן אַ
טאַנץ אַ לענגערע צײַט. א, אָן אַן אויפֿהער אַ
פֿריילעכע מאַזורקע. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
־ערײַ.
אומטאַסעווען — ← אומטאַשן.
אומטאַסקען — טרוו. ־קע אום, ~געטאַסקעט.
1. שלעפּן אַ לענגערע צײַט; שלעפּן אַהין און
אַהער. א, שטיינער, קלעצער אא. 2.
אַרומטראָגן מיט שווערקייט. א, וואַסער אויף אַ
קאָראָמיסלע אין די נגידישע הײַזער.
אומטאַסקען זיך — אוטוו. ← דפּוו.
אַרומפֿירן זיך, אַרומשלעפּן זיך, פּעיאָ. א, זיך מיט
אַלע גאַסניונגען ־עניש ־עריי.
— . .
אומטאָפּטש ן
— ־טשע אום, ~געט
לענגערע
אפּטשעט.

פּפֿ: ~דאָפּ שען. אוטוו — 1. אַ
צײַט טאָפּטשען, טרעטן שווער. א, אין בלאָטע.
אויך פֿיג. זיך האַלטן בײַ אַן אַלטער אָדער
פֿאַלשער שיטה. 2. אומגיין, אַרומגיין אָן אַ
באַזונדערן ציל. „וויפֿל האָב איך דאָ קינדווײַז
און ייִנגלווײַז אומגעטאָפּטשעט“, א. קיפּניס,
אונטערוועגנס. טרוו — אומוואַרפֿן און טרעטן

מיט די פֿיס. א אַ מענטשן אינעם געדרענג.

'

־עניש. ־ערײַ.
אומטאָפּיען — טרוו. ־פּיע אום, ~געטאָפּיעט.
סל. איבערשמעלצן. א, וואַקס.
אומטאַפּן — טאַפּ אום, ~געטאַפּט. אוטוו —
1. בײַם גיין אין דער פֿינצטער אויסשטרעקן
פֿאָרויס די הענט. “און צעטומלט האָט ער
אומגעטאַפּט אין טיפֿן חושך“, יהואָש, הײַאַוואטאַ.
2. אויספֿרעגן בײַם וועלן זיך דערוויסן עפּעס
וואָס איז אומקלאָר, ניט־באַקאַנט. „ער וויל
עפּעס דערטאַפּן, טאַפּט ער אום בײַ אונדז“.
טרוו — 1. אַרומטאַפּן. א אַ סחורה פֿון אַלע

'

זײַטן. 2. איבערטאַפּן. וואול. א, די מוידן.
אומטאָפּען — ← אומטאָפּטשען.
אומטאַפּעצירן — טרוו. ־ציר אום, ~(גע)־טאַפּעצירט. איבערטאַפּעצירן. א, ווייך מעבל.
אומטאַקט — דער, ־ן. 1. אין מוזיק — דאָס וואָס שטימט ניט מיטן טאַקט. 2. דאָס וואָס איז ניט־טאַקטיש, ניט־גענוג אָנשטענדיק, ניטאָנגענומען. (דרום־אַפֿריקע, אויג', 1955). „באַווײַזן פֿון גרויסן א, אין פּאָליטישער ניטרײַפֿקייט" פּאָר, 27 1961 I.

,

אומטאַקטיש — אדי. וואָס שטימט ניט מיט גוטן טאַקט; אוממאַנירלעך, אומקאָרעקט, אומאָנשטענדיק. „אָט אויף דער דאָזיקער טעמע האָט ער זיך צעלאָזן פֿון אָנהייב אַ ביסל טאַקטיש און וואָס ווײַטער בייזער, א'ער און באַליידיקנדיקער", מוק, מײַנע באַגעגענישן, II. ־קייט — אַרויסווײַזן א, אין אַ געזעלשאַפֿט. „דאָס איז, מילד גערעדט, געווען אַן א, פֿון עקלהאַפֿטסטן מין", טמז, 26 1965 I.
אומטאָקן — טרוו. טאָק אום, ~געטאַקט. 1. אַ לענגערע צײַט טאָקן, הובליעווען. א, אַ באָלוואַנקע. 2. אַ◌רומטאָקן. א, פֿון אַלע זײַטן. 3. איבערטאָקן. א, אַ פּיסל פֿון אַ שטול.

או'מטאַקסירלעך — אַדי. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט טאַקסירן. ← דוווו. א, אייגנטום.
א'ע פּראָדוקטן. ־קייט.
אומטאַקסירן — טרוו. ־סיר אום, ~
געטאַקסירט. 1. איבערשאַצן, אָפּשאַצן אויפֿסנײַ. א,
אַ הויז בײַם פֿאַרקויפֿן פֿון אונטערן האַמער.
2. אַרויפֿלייגן אַ נײַעם שטײַער פֿאַרגרעסערן
,
אָדער פֿאַרקלענערן דעם פֿריִערדיקן שטײַער. א,
די בעלי־בתּים.
אומטאַראַבאַנ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע אום,
~(גע)טאַראַבאַנ(י)עט. אויך: ~
טאַראַבאַנעווען, לד. דזוו ~באַראַבאַנעווען ←.
אומטאַראַראַמע(וועֿ)ן — אוטוו. ־מ(עווע)
אום, ~געטאַראַראַמ(עווע)ט. 1. אַ לענגערע
צײַט קלאַפּן, ליאַרמען, מאַכן אַ טאַראַראַם. א',
דער קאָפּ זאָל דול ווערן. 2. במקום־ווערב
פֿאַרן טאָן עפּעס מיט אַ געטומל, אַ ל אַרעם.
׳

א, בעת וואַלן.

אומטאָרנען — טרוו. טאָרן אום, ~געטאָרנט.

אַרכ. ← אומדארענען.: [illegible] [illegible]; [illegible]ourne[illegible]: [illegible], [illegible]־ <
tornare. איבערחזרן, לערנען אויפֿסנײַ. „דײַן
לערנין זולשֿטו שטעץ אום טארנין אבֿר חזרן,
ווערט דיר הש״י בּ״ה אַלשׂ גוטשׂ גורין“, עיון,
ו/א.

אדמטויגעוודיק

אומטאַרע(ווע)ן — טרוו. ־ע(ווע) אום, ~
געטאַרע(ווע)ט. וורר, אוקר, מג פֿונדאָסנײַ אָדער
.
אויף אַן אַנדער אופֿן אויסגלײַכן (וואָגשאָלן
אָדער צוויי זײַטן פֿון אַ קלייד). א, די וואָג מיט
שטיינער. א, דעם פֿאָרנט מיטן הינטן פֿון
קליידל.

אומטאָר(ק)ען — טרוו. ־ר(ק)ע אום, ~
געטאָר(ק)עט. אומוואַרפֿן דורך אַ שטויס, אָדער
אַוועקשטויסן. א אַ בענקל.

,
אומטאַשן — טרוו. טאַש אום, ~געטאַשט.
איבערטאַשן, טאַשן אַ לענגערע צײַט. א, די
קאָרטן.

אומטאַשעווען — טרוו. ־שעווע אום, ~

געטאַשעוועט. 1. אומבײַטן, איבערשטעלן. א, די אַרבעטער. א, פּאָלקן. 2. פּר (קעלצער ג,).
אומבײַטן, איבערבײַטן סחורה. ←.
אויסטאַשעווען —

.

אומטובֿה — [...טויווע] די, ־בֿות. היפּוך פֿון טובֿה (אָבער מילדער ווי רעה). באַצאָלן מיט אַן א, פֿאַר אַ טובֿה.
אומטובֿלען — [...טויוולען] טרוו. טובֿל אום, ~געטובֿלט. פֿונדאָסנײַ, ווידער טובֿלען. א, די כּלים, זיי זאָלן טאַקע זײַן כּשר. אָפּט מיט ז י ך. א, זיך אין מקווה.
אומטוגנט — די. מצ נב אַרכ. חסרון. שלעכטע מידה. „איין קלוגר מענש...און טוגינט איבר הערין קאַן“, משלי בלש ון אַשכּנז, פֿפֿדמ 1713. „ער פֿון יוגינט אַן זיך צו פֿיל פֿרעשין האָט גיווינט, אונ, אַלזו אין דעם זעלביגן אוהן טוגינט צו גינומן“, 'מעשׂה...דבֿר פּלא...מלוקט מספּר בפֿתור ופֿרח..., פֿיורדא 1723.

,

אומטויגבאַר — אַדי. דטש מ. נר. אומטויגיק; אומטויגעוודיק. „אַזעלכע פּרווון [זײַנען] אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אומפּראַקטישע און א'ע“, סאָוו צ, [נש, ישפּ, 3 (10)]. —קייט.

אומטויגיק — אַדי. וואָס עס טויג ניט (פֿאַר
אַ בּאַשטימטן צוועק אָדער בּכלל ניט). א'ער
מאַטעריאַל. א'ער מענטש ־יקייט.

.

אומטויגלעך — אַדי. וואָס קען ניט טויגן;
וואָס טויג סתּם ניט. „דער איבּערגעבּליבּענער
א'ער פּראָדוקט...וואָס די פֿלאַנצן האָבּן ניט
וואו צו פֿאַרווענדן“, א. ש. זאַקס, דאָס לעבּן
פֿון פֿלאַנצן. “איז דורך אַ קראַנקייט א,
געוואָרן„, לאיזע, דעם קעניגס
געשעפֿטספֿערזאָרגער, בּוקאַרעשט [יאָר]. “מע האָט אים
געהאַלטן פֿאַר...אַן א'ן מענטש“, יג ־קייט.

.

אומטויגנדיק — אַדי. וואָס טויג איצט ניט
(אָדער קיינמאָל ניט). „איר מאַן...גאַנץ
אומפּעאיק (אומטויגנדיק) צו פֿירן אַ קרעצמע“, אמד,
דער אַנטלאָפֿענער רעקרוטל, ווילנע 1872.
אומטויגעוודיק — אדי. וואָס איז ניט
צוגעפּאַסט; איז אומבּאַהאָלפֿן. וואָס לויט דער
נאַטור פֿון דער זאַך טויג עס ניט; וואָס דער
כאַראַקטער פֿון דעם איז ניט צו טויגן. „ער
טויג זיך ניט אויס אַ קאַץ אַן עק צו פֿאַרבּינדן,
ער איז אַן א'ער“; “ליים איז א, ווען מע דאַרף

צעמענט“, רייד.

־יקייט — „א, פֿאַר דעם הויכן פּאָסטן“,

ש. ביקל, טמז, 24 □ 1963. „אַ פּונקט פֿון

סאָצ אַלער אָדער פֿיזישער א, (□t□[lisabi]))“,

’

ייִבל □XX.

אומטויגע□יש

אומטויגעניש — דאָס (די), ־ן. 1.
אומטויגעוודיקער מענטש. טויגענישט, 'טויגעניכטס'.
אַן א, פֿון אַ בעל־מלאָכה, פֿון אַ געזעל אע.
2. עפּעס וואָס איז אומטויגעוודיק. אַ שטיק א,
אויפֿן מיסטקאַסטן אַרויסצוּוואַרפֿן.

אומטויט — דער. מצ נבֿ. נעאָל. מצבֿ ווען
ס'עקסיסטירט נאָך ניט קיין לעבן. “ס'איז טויט
נאָך ניט געווען און אויך ניט א',,, צײַט, גש I.
„האָט דער, וואָס זײַן מאַכט איבער אונדז האָט
געבלענדיקט, געסטראַשעט מיט א', די צײַט
אונדז געשענדיקט“, לע, בײַם פֿוס פֿון באַרג.

אומטויטשען — טרוו. ־טשע אום, ~
געטויטשעט. (אויס)קלאַפּן פֿונדאָסנײַ אָדער אַ

לענגערע צײַט. א, די קאָלדרעס. ← אויסטויטשען.
־עניש.
אומטויש — דער, ־ן. אַקט פֿון אומטוישן.
דזוו אויסטויש ←.. "די צײַט איז צו אומרואיק... קאַטאַסטראָפֿאַל און אין כסדרדיקן א'", בצג, טמז, 4 1964 I.
אומטוישבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט איבערבײַטן, טוישן. „דאָס שיינע איז אייביק, א',, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II.
אומטוישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומטוישן. „צווישן די צוויי עקראַנען איז צו באַמערקן אַן א, פֿון ליכטיקע און פֿינצטערע פּאַסן", גוטנ.
אומטוישיק — אַדי, וואָס מע קען ניט אומטוישן. א'ע סחורה.
אומטוישן — טרוו. טויש אום, ~געטוישט. פּד. אויסבײַטן, איבערבײַטן פֿאַרבײַטן. „וועל

,

איך א, אויף אײַער איידעם מיט אײַער טאָכטער", ל. יאָסעלאָוויץ, דער פֿאַרוואָגלטער (הנדוד), ווילנע תר"ן. „האָט ער געוויס זײַן רעליגיאָן אומגעטוישט", יצחק משה באַדער, היינריך, קראָקע 1893. „דורך אַ ספּעציעלן טיפֿערן אָטעמען...אויפֿצווינגען אונדזערע לונגען

א אַ סך מער לופּט ווי געוויינלעך,, פֿגעז,
פּאַ, ,
ריז 5 1949, No. ־עכ־ן. ־עניש. ־ער.
־ערײַ.
אומטומלען — אוטוו. ־מל אום, ~געטומלט.
אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ טומל. א אַזוי אַז דער
,

מוח און דער דאַך הייבּן זיך.
אומטומלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ
לענגערע צײַט טאָן אַן אַרבּעט אומפּראַקטיש,
מיט אַ געטומל (ספּעצ אַ געזעלשאַפֿטלעכע
אַרבּעט). א, זיך אין אָרגאַניזאַציע, קלובּ אע.
2. אַ לענגערע צײַט זיך עוסקן בּײַ עפּעס וואָס
ס'לוינט זיך ניט אָדער וואָס איז ניט־פּראַקטיש.
א, זיך בּײַ קהלשע זאַכן וואָס איז ניט מער ווי
אַ יריד אויפֿן הימל ־עניש ־עריי.
— . .
אומטון — ← אומטאָן, טרוו.
אומטונקען — טרוו. טונק אום, ~געטונקען.
פֿונדאָסנײַ, ווידער טונקען; איבּערטונקען. א,
גרעט אין בּלויעכץ, סינקע. ־עכ־ן. ־עניש.
או'מטוערײַ, — דאָס & די, ־ען. ניט־
גערעאָטענע, שלעכטע טוערײַ. אַן א, וואָס בּרענגט

נאָר שאָדן.
אומטופּען — אוטוו. ־פּע אום, ~געטופּעט.
אַ לענגערע צײַט גיין קלאַפּנדיק מיט די פֿיס.
א, אויף די טרעפּ. ־עניש. ערײַ.

אומטושירן — טרוו. ־שיר אום, ~(גע)
טושירט. 1. אַרומצייכענען מיט טוש. א אַ
צײַ,
כענונג, אותיות. 2. איבערטושירן. א, אַ
פֿאָטאָגראַפֿיע.
אומטיאָכקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געטיאָכקעט. אַ לענגערע צײַט שטיל און גיך קלאַפּן.
ס'האַרץ טיאָכקעט אום ־עניש.
.
אומט(י)אָסקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געט(י)אָפּקעט. פּפּ: ~טאָפּטשען ←. אומגיין
מיט שווערע טריט. א, אין די טיפֿע בלאָטעס.
אויך מיט ז י ך. „טיאָפּקעט זיך אום אין די
גרויסע שטיוול צום דאָקטער, צום גויאישן
אַפּטייקער“, צבֿי הירשקאַן, ניט הינטער אַ
פּלויט. ־עניש. ־ערײַ.
אומטיטולירט — אדי. 1. ניט־טיטולירט.

שרײַבן א', ר, פֿײַוואוש בן פֿלעקל. 2. פֿאַר,
. דוווו.
אומטיטולירן — טרוו. ־ליר אום, ~טיטולירט.
טיטולירן אויף אַ נײַעם שטייגער. א, און
אַנשטאָט מורינו ורבינו זאָגן חבֿר אָדער פֿרײַנד.
אומטיידערל — דאָס, ־עך. Mhd: untaetelîn.
ל1. פֿלעק, שפּרענקל, פּליאַמע. „אַ נגיד וואָס
האָט אויף זיך נישט אַן א, זאָל פֿון העלער
הויט אַ צוואָה שרײַבן!“, גענאַרטע וועלט, 1815?
[סאָוו אויסגאַבע 1940]. “ניט לאָזן אויף זיי [די
פּרויענצימער] קיין פּול, קיין א, פּאַלן“, ייִל,
דאָס פּוילישע ייִנגל. ← אומטעדערל,
אומטעדעלע. [געווען באַקאָנט אין פּאָד, מג אין 19. י„ה;
פֿאַרגעסן געוואָרן אין 20. י“ה.]
אומטײַטלען — אוטוו. ־טל אום, ~געטײַטלט.
אַ לענגערע צײַט טײַטלען, אָנווײַזן. א, אויף
פּסוקים אין חומש. ־עניש.
אומטײַטשן — טרוו. טײַטש אום, ~
געטײַטשט. טײַטשן אַנדעדש פֿאַרקערט. א,
,
דעם גאַנצן מיין פֿון די רייד ־עניש.
.
אומטיילבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
אומטיילעוודיק. „מע קען דאָס כּלל נישט פֿאָרמולירן, דאָס

איז אַ גאַנצעס, א'עס", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ־קייט — ,,מיר שטייען אויפֿן גרונט פֿון פסיכאָסאָמאַטישער גאַנצקייט, ד"ה אויף דער א, צווישן פֿיזישן און פסיכישן אינעם מענטש,,, פֿגעז, פּאַריז 1949, No l2.

אומטייליק — אַדי. נעאַל. דזוו

אומטיילעוודיק. דער א'ער זיבן. א'ע אייגסן. ־יקייט.

אומטיילן — טרוו. טייל אום, ~געטיילט.

פֿונאַנדערטיילן (וועגן צדקה, קצבֿה אאַ), געבן יעדער איינעם זײַן חלק וויפֿל אים קומט. ,,נייארט בכל ע"ש [= ערבֿ שבת] זול איין שמשׂ גין אויף דיא קצבֿה, דז מן אום טיילט לצורך עניים מדי שבת בשבתו,,, תקק. ,,דא ער נון גישטארבן וואַר, דא הוט מן גיוואר געווארדן דז ערשׂ הוט אַנדרי [עניי□] אום גיטיילט,,, לט1, מד/ב. "זינשׂט אַז דוא גישריבן האַסט מן זאַל ה, זהו, פֿון דײַנט וועגין אויף י"ט [= יום־טובֿ] לאזין אום טיילן", פּראָגבֿ, 35. ,,אונ, ווען איין מענש האָט פֿר זוימט צו קלויבן (מן), דא האָט מן אום גיטיילט אַז מן צדקה אום טיילט", צאינה, בשלח. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

אומטיילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף) ניט טיילן. אַן א'ע צאָל. ,,נעמען דעם

אומטלוקען זיך

גאַנצן אויסדרוק ווי איין אומצעגלידערלעכן,

א'ן פרעדיקאַט", ימ, ייִשפּ, X▯II. „אין איין און
דער זעלביקער און א'ער רעפּובּליק דאַרף די
שפּראַך זײַן איינע — האָט באַפֿוילן דער
קאָמיטעט פֿאַר עפֿנטלעכן וואויל„, ז. שײַקאָווסקי,
ייִבל ▯1 ,XI־2 ־יקייט.

.

אומטייען — טײַע אום, ~געטײַעט. אוטוו —

-

בּהדרגה צעגיין, צעשמאָלצן ווערן. דער שניי
אין פֿעלד טײַעט אום. טרוו — מאַכן עס זאָל
צעגיין, צעשמעלצן. א, דאָס אײַז.

אומטיכטיק — אַדי. 1. אומטעטיק,
אומאַקטיוו. א'ע אַדמיניסטראַציע. „ווען ער שוין ווער
איין פֿאַרפֿלוכטער נאַר און אונטיכטיק אין
אַלן זאַכן„, אב, 'פּאַריז און וויענע', וועראָנאַ
1594. 2. אַרכ. פֿאַרדאָרבּן, זינדיק. "זאָלשׂט
דען תּלמיד חכם צום בּיזן ניט חושד זײַן, ווען
העשׂט אים גלײַך גיזעהן אין איין אום טיכדיג
הויז גיאן אַרײַן", עיון, יט/ב. מלל פֿאַרטײַטשט
'וזבֿח משחת לאדני, (מלאכי, א, 14): "פֿר

דאַרבּין אָדר און טיכטיג". ־יקייט —
אַרויסוווּיזן א, אויף דער נײַער שטעל. „לײַדן פֿון
איר א, און אומגעשיקטקייט", פֿאָר, 26 XI 1964.
אומטינטלען — טרוו. ־טל אום, ~געטינטלט.
1. מיט טינט פֿאַרשמירן פֿאַרפֿלעקן אין אַ צאָל
ערטער. א, אַ בויגן פּאַפּיר. 2. שלעכט (אָנ)־
שרײַבן, אָנטינטלען א, אַ קאָמפּאָזיציע. א, אַ
צײַטונג־ראָמאַן. ־עכן. ־עניש. ־ערײַ.
אומטינקעווען — טרוו. ־קעווע אום, ~
געטינקעוועט. פּפֿ: ~טינקען. אַרומטינקעווען,
אַרומשמירן מיט טינק פֿון אַלע זײַטן. א, די
ווענט.
אומטיפּ — דער, ־ן. ניט־געראָטענער טיפּ (אין
אַ ליטעראַריש ווערק). טיפּן און א'ן פֿונעם
אַמאָליקן לעבן.
או'מטי'פּיש — אַדי. וואָס איז ניט־
כאַראַקטעריסטיש. אַן א'ער שטריך. א'ע סיטואַציע.
־קייט.
אומטיףז — אַדי. זן. היפּוך פֿון טיף. „איז
געוועזן צוויי־דימענסיאָנעל און א'", קאָר I.
־קייט.
או'מטי'פֿזיניק — אַדי. היפּוך פֿון טיפֿזיניק.
ריידן אויבנאויפֿיק, א, ־יקייט.

.

אומטיקען — טרוו. ־קע אום, ~געטיקעט. סל.

1. אַרומשטעקן. א, טיטשקעס [= לאַנגע, דינע שטעקנס] אויף די בייטן פֿאַר די פֿאַסאָליעס.

2. כּסדר אויסשטעלן אַ פֿינגער אין פּנים אַרײַן. זיך צעהיצן בײַ דער דיסקוסיע און א, אַלעמען אין די אויגן.

אומטיראַניש — אַדי. היפּוך פֿון טיראַניש.

„ער באַציט זיך טיראַניש צו דער ווײַב און א, צו דער טאָכטער„, רייד. ־קייט.

טרוו ־טשע ארם, ~ ־

.

טלאָמאַטשעט. פּפֿ: ~טל

אומטלאָמאַטשען

ומאַטשען, ~טאָ ־

מאַטשען. טײַטשן, איבערזעצן אויף אַן אַנדער אופֿן. א, אויף אַ פֿאַרשטענדלעכערן לשון. —עניש.

קען י — אוטוו ן ז אום, זיך

ד .

~געטל

וקעט. פּפֿ: ~טליק ▯־.. וואול.
אומטלו ע זי

האָבּן סעקסועלן פֿאַרקער מיט אַ צאָל מענער;
טרײַבּן זנות. א, זיך מיט אַלע גאַסניונגען.

אומטל▯ען

אומטל▯ען — אוטוו. טליִע אום, ~געטליִעט.
אַ לענגערע צײַט טליִען, צאַנקען. ,,די
איבּערבּלײַבּן פֿון דער גרויסער שׂריפֿה האָבּן נאָך
אומגעטליִעט אַ סך טעג,,.
אומטעאַטראַליש — אדי. 1. וואָס איז ניט
אַזוי ווי עס פֿאָדערט זיך אין טעאַטער, אויף
דער בּינע. א', מיטן רוקן צום עולם. 2.
נאַטירלעך, ניט־געקינצלט. ריידן פּשוט, א,.
־קייט.
אומטעאָלאָגיש — אַדי. היפּוך פֿון
טעאָלאָגיש. אַ קריטישער, אַן א'ער אופֿן טראַכטן.
־קייט.
אומטעאָרעטיש — אַדי. וואָס איז ניט
אויסגעהאַלטן, ניט אַרומגענומען מיט אַ טעאָריע.
אַן א, שפּרינגען פֿון איין ענין צום צווייטן.
־קייט.

אומטע'דעלע — דאָס, ־ך. שפּרענקעלע, שטויבעלע; פֿלעק. פּאָד. ← אומטיידערל. ווב אבֿק.
אומטע'דערל — פּפֿ צו אומטיידערל ←. „דאָ ...האָט ער אַנטדעקט אַ הערעלע שטעקן אינעם מאַנטל, דאָרט — אַ שטויבעלע זיצן אויפֿן הוט צי אַן א, קלעבן צום שוך„, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 3. [משמעות, נפּ האָט גענומען דאָס וואָרט פֿון ליטעראַטור.]
אומטעותדיק — [...טאָעס...] אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ טעות. א'ער חשבון. 2. וואָס קען ניט מאַכן קיין טעות. דער א'ער פֿירער.
־יקייט — „די דאָגמע וועגן דער א, פֿון פּויפּס“, ש. ביקל, טמז, 19 1962 X.
או'מטע'טיק — אַדי. אומאַקטיוו. פֿאַרנעמען אַן אַמט און זײַן א., „טאַר[ן] מיר ניט בלײַבן א, און לײַדן ביז אונדזער לעצטן טאָג פֿון לעבן“, אמד, בן פּדק, ווילנע 1865.
אומטעטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומטעטיק. אַרויסווײַזן א, בײַ אַן אַרבעט. „די פֿרײַוויליקע מוסקלען געפֿינען זיך בעת מע שלאָפֿט כמעט אין אַ פֿולשטענדיקער א'“, דר, י. מעריסאָן, היגיענע.
אומטעכנאָלאָגיש — אַדי. וואָס איז ניט

על־פּי די דערגרייכונגען פֿון טעכנאָלאָגיע.
פּרימיטיוו און א'. ־קייט.
אומטעכניש — אַדי. וואָס איז אָן דער הילף
פֿון אַ מאַשין אָדער ניט לויט דער
אײַנגעשטעלטער טעכניק. אַן א'ע און דערפֿאַר אַ צו
טײַערע
פּראָדוקציע. ־קייט.
אומטעלעבענדען (זיך) — ←
אומטאַלעבענדען (זיך).
או'מטעלעמע'טשען — ־טשע אום, ~
געטעלעמעטשעט. אוטוו — במקום־ווערב פֿאַר
פּלאַפּלען, רעדן סתּם אַזוי. א, און אָנדורען אַ
מוח. טרוו — אַ לענגערע צײַט קלאַפּן מיט
פֿויסטן, מיט כּוח. א, און אונטערהאַקן די
לונגען.
אומטעלעמעטשען זיך — ← דפֿוו. 1. קזוו.
זיך שלאָגן מיט פֿויסטן. 2. אַרומשלעפּן זיך.
זיך א, איבער די גאַסן.
אומטעלעפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~
געטעלעפּעט. אוקר, וודר. אומגיין מיט שווערע טריט,

קלאַפּנדיק. א, אין הויכע שטיוול איבערן צע־ א

בּראָכענעם בּרוק.

אומטעם — [...טאַ'עם,...טאַ'אַם] דער, ־ען. מיִי, טענדלאַו. שלעכטער טעם; דאָס וואָס איז אומבּאַטעמט.

אומטעמאַטיש — אַדי. 1. וואָס ס'פֿעלט אין א דעם די טעמע. א, ווערק. 2. וואָס איז אַוועק פֿון (ניט אויף) דער טעמע ־קייט.

.

אומטעמיק — אַדי. ← אומטעם. נעאָל. וואָס האָט ניט קיין גוטן טעם. א'ע שפּײַזן ־יקייט

.

אַן א, אין מויל.

--

אומטענדלען — אוטוו. ־דל אום, ~געטענדלט. זיך פֿאַרנעמען מיט טענדלערײַ. קויפֿן און פֿאַרקויפֿן אַלטוואַרג. א, און ניט פֿאַרדינען אויף וואַסער צו דער קאַשע ־עניש ־ער.

. .

־ערײַ.

או'מטענדענציע'ז — אדי. וואָס איז אָן אַ כּיוון. וואָס קען ניט קאַליע מאַכן, פֿאַרפֿירן מחמת אַ טענדענץ. א'ע ליטעראַטור. א'ע פֿאָרשונג. ־קייט — אַרויסווײַזן א'.

אומטענה — [...טײַנע] די, ־נות. שלעכטע,

פֿאַלשע טענה (וואָס איז קעגן די אינטערעסן
פֿון דעם וואָס ברענגט ז אַרויס). מיט אַזאַ א,
י
קען מען ניט געווינען.
אומטענטלען — ← אומטינטלען.
אומטענצלען — אוטוו. ־צל אום, ~געטענצלט.
1. טענצלען אַ לענגערע צײַט. 2.
אַרומטענצלען. א, איבער דעם גאַנצן הויף. 3. פֿיג.
באַדינען, חנפֿענען. א אַרום אַ נגיד ־עניש.
, .
־ער. ־ערײַ.
אומטעסטירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט (עס לאָזט זיך ניט) טעסטירן. א'ע געפֿילן
א
און נייגונגען. א'ע כשרונות ־קייט.
.
אומטעסען — טרוו. ־סע אום, ~געטעסעט.
פּפּ: ~טשעסען. 1. אַרומטעסען. א אַ
,
קלאָץ, אַראָפּהאַקן די סענקעס (סוקעס).
2. טעסען אַ לענגערע צײַט. א, אַ שטעקן און
מאַכן פֿון אים אַ שפּענדל.
או'מט יטאָריע'ל — אַדי. אויך: ־
טאָריאַ, וואָס האָט ניט קיין טעריטאָריע. אַן

א, פֿאָלק, אָן אַן אייגן לאַנד ־קייט —

.

„אונדזער לאַנגע א, איז ניט קיין ראַיה אַז מיר זײַנען ניט געווען קיין פֿאָלק“.

אומטערכע(נע)ן — טרוו. ־כע אום, ~ געטערכעט. 1. אַ לענגערע צײַט שמירן, פּאַטשקען, טינטלען. א, די בלעטער פֿון העפֿט. 2. פֿעיאַ. איבערשמירן, איבערפֿאַרבן (גיך אָדער שלעכט). א, די ווענט. 3. ← אומטרהא(נע)ן.

אומטערמיניק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין אָנגעוויזענעם אָדער קיין אָפּגערעדטן טערמין. א'ער וועקסל, א'ע הלוואה. א'ע צושטעלונג. ־יקייט.

אומט(ע)רעלייקען, ־לײַקען — טרוו. ־קע אום, ~געט(ע)רעלייקעט, (־לײַקעט). אַ לענגערע צײַט זינגען צעצויגן אָדער ציטערדיק. שפּרײַזן איבער די צימעדן און א, דאָס זעלביקע ניגונדל.

או'מטראָגיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען אומטראָגן. א'ע אַרטיקלען.

אומטראָגן זיך

ומטראַגיש — אַדי. וואָס רופֿט ניט אַרויס

קיין געפֿיל אַז עס איז טראַגיש (און אויך ניט
קיין מיטגעפֿיל). „אין זייערע אומפֿרוכטבאַרע,
א'ע מאַטערנישן...איז פֿאַראַן אַן
אָנצוהערע...
ניש“, שנ, וועגן יודישע שרײַבער II. ־קייט.
ומטראָגן — טרוו. טראָג אום, ~געטראָגן.
1. טראָגן אַ לענגערע צײַט. א, אַ קינד אויף די
הענט. “און, מן זאָל קיין קינד אום טראָגן
נאַקיט“, בראַנט. (וועגן מלבושים) א, די יופּע פֿון
דער חתונה ביז צו דער קבֿורה. אַרכ אויך סתּם
טראָגן. „דאָרטן בײַא דער סטאָליצייא איז איין
יהודי אום קומן, ער האָט שטיוולין אום גטראגן
....„ 'שו„ת מהרש“ל', לובלין 1599 [הש I].
2. טראָגן איבער פֿאַרשיידענע ערטער. א,
עפּעס צו ווײַזן. „זיי האָבן אום גיטראָגין
לעבעדיקערהייט די קליינע קינדערלעך אויף דער
שפּיז“, מעסtה אומן. „גערשלס אַ קונציק־
אויסגעאַרבעטע פּאָר שיך פֿלעגט מען דענסטמאָל א,
אין שטאָט אויף חידושים„, בערג, בײַם דניעפּער
I. „די פֿרילינג־ווינטן טראָגן אום די אַשן פֿון
טרעבלינקע, דאָס פֿאַלן זיי אַצינד אָט דאָ אויף
מײַנע הענט“, רוב, חורבן פוילן.
3. אַרומטראָגן בײַם האַנדלען. א אַ פּעקל
,

סחורה. א, בייגל, עפּל, צעלניק אאזוו.

4. פֿאַרשפּרייטן (וועגן נײַס, רכילות אע). א, פליאָטקעס פֿון הויף צו הויף. „האָט מען...דעם פּזמון אויף די ציין אומגעטראָגן“, קלמן סוביל איבז, דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894.

*א, אויף עמעצן אַ האַרץ = זײַן אין כּעס אויף עמעצן אַ לענגערע צײַט. *א, אויף די הענט = האַלטן עמעצן אין גרויס כּבֿוד, זיך כּסדר איבערנעמען מיט עמעצן.

ומטראָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ לענגערע צײַט האַלטן עפּעס ווערטפֿולס בײַ זיך, (אַרומגיין און עס ווײַזן). א, זיך (ווי) מיט אַ דימענט. איר, א, זיך ווי מיט אַ טאָרבע. *א, זיך ווי אַ הון מיט אַן איי = א) מאַכן לאַנגע הכנות; ב) זיך מאַכן וויכטיק איבער עפּעס אַ קלייניקייט.

2. דזוו ב1 נאָר מיטן אַרויסהייבן דאָס אַרומטראָגן פֿון איין אָרט צום צווייטן. א, זיך מיטן פּאַק סחורה. *א, זיך ווי דער רבונו־של־עולם מיט דער תּורה = פֿירלייגן עפּעס טײַערס און ניט געפֿינען פֿאַר דעם קיין בעלנים. *א, זיך ווי אַבֿרהם אָבֿינו מיט דער מילה = איר, גראָבלעך. כּסדר אַרויסשטעלן עפּעס ווי אַ באַזונדערן

פֿאַרדינסט. *זיך א, מיט דער באָמבע = א) (ווילנע) אַרומטראָגן זיך מיט אַ גרויס פּעקל געלט;
ב) פֿאַרשפּרייטן אַ סענסאַציע (דערעיקר אַזאַ וואָס קאָמפּראָמיטירט עמעצן). א, זיך ווי פּרעהס טאָכטער מיט דער (בּראָכ)שטול = זיך
באַרימען מיט עפּעס אַז דאָס איז אייגנס[] *זיך א, מיט אַ פּעקל = מיט אַ צרה, מיט עפּעס וואָס דריקט, איז אַ לאַסט. אויך: זײַן שוואַנגער (ווען דאָס איז ניט באַגערט). זיך א, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, ווי אַ הונט מיט אַ ביין.

3. אַ לענגערע צײַט זײַן באַהערשט פֿון אַ געפֿיל אָדער געדאַנק. זיך א, מיט פֿאַראיבלס, מיט טענות צו דער וועלט, מיט איבעריקע פֿאַרדראָסן, מיט עגמת־נפֿשן אע. זיך א, מיט גרויסע פּלענער, נײַע פּראָיעקטן אע.

אומטראָגעדיק

4. אײַלן זיך שטאַרק, לויפֿן, פֿאָרן אע אויף אַ ווילדן שטייגער. א, זיך אויף צעפּאַליעטע פֿערד. א, זיך ווי אַ ניט־גוטער. א, זיך ווי אַ ווינט, ווי אַ שטורעמווינט, ווי אַ וויכער.

־עכ[]ן. ־עניש. ־ער (—ין, ־קע) —

„אַ מאַרק־ייִדענע, אַ סוחרײַקע, אַ

געבעקא'ערקע", אמד, דבֿרי יושר, ווילנע 1863.
־ערײַ.
אומטראָגעדיק — אדי. וואָס שוואַנגערט ניט.
„אַ ייִד מיט אַלע ברכות: מיט אַ טראָגעדיקער
טאָכטער אָן אַ רינגעלע און מיט אַן א'ער שנור
וואָס וויל אַ ייִנגעלע", ווערטל.
או'מטראָ'געוודיק — אדי. 1. וואָס מע קען
ניט אומטראָגן (פֿרגל אומטראָגיק). אַן א'ע משׂא.
2. וואָס מע קען ניט טראָגן (ווײַל צעריסן,
אָפּגעטראָגן). א'ע מלבושים. 3. וואָס ברענגט ניט
אַרײַן קיין הכנסה. אַן א, געשעפֿט ־יקייט.
.
או'מטראַדיציאָנע'ל — אַדי. וואָס איז ניט
לויט טראַדיציע. זײַן מאָדערן, א'. א'ע
אײַנפֿירענישן. ־קייט — „א, איז קיין נאָווינע ניט אין
דעם אויסלייג פֿון אַלע שפּראַכן...איידער עס
ווערן אײַנגעשטעלט נאָרמעס", מוו, ייִשפּ XIX.
אומטראַכט — די. מצ נבֿ. מוטערטראַכט מיט
אַן אָרגאַנישן דעפֿעקט. "זי איז פֿאַרשאָלטן מיט
אַן א', זי האָט שוין דרײַ מאָל געמפּילט", רייד.
אומטראַכט — דער, ־ן. אומפּאַסיקע קליידונג
(וואָס איז שלעכט, צעריסן). סאַראַ מאָדנער א'.
או'מטראַ'כטיק — אַדי. אַרכ. פּפֿ: ~
טרעכטיק. אומפֿעאיק צו האָבן קינדער; סטעריל.

מלל פֿאַרטײַטשט 'עקר ועקרה, (דבֿרים, ז, 14):
,,אונטרעכטיג".
או'מטראַ'כטלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט (באַ)טראַכטן, ניט באַנעמען דורך
טראַכטן. "דערווײַל איז עס אַפֿילו אומדענקבאַר
(גוטע ייִדיש־ריידער הייסן אונדז זאָגן: א')", א.
יאקובזאָן פֿאָר, 1963 I י 16 ־קייט.

אומטראַכטן — אוטוו. טראַכט אום, ~
געטראַכט. איבערטראַכטן. טראַכטן פֿונדאָסנײַ
וועגן דעם זעלביקן ענין. א, אַהין און אַהער
וועגן אַ וויכטיקן ענין. —עניש — נאָגנדיקע
א'ן.
אומטראַכטער — דער, ־ס. עקר, ווער עס
קען ניט האָבן קיין קינדער. באר התּורה
פֿאַרטײַטשט אַזוי דאָס וואָרט עקר (דבֿריס, ז, l4).
אומטראַכטערין — די, ־ס. עקרה. באר
התּורה פֿאַרטײַטשט אַזוי דאָס וואָרט עקרה
(ישעיה, נד, 1). ,,אַ פֿרוי אַן א, דאָס געווינט
קיין קינדער",, צור, הפֿטרת נח. ,,אַז יצחק איז
אַלט געווען 59 יאָר, איז זײַן ווײַב רבֿקה נאָך
געווען אַן א'", ספֿר הישר, תּולדות, וואַרשע
1859. ,,ווי אַן א, בין איך פֿאַרשפּאָט", אפֿא,
יעקבֿס געצעלטן. "און אַרומגעטאַפּט אירע לענדן

און בּריסטן צו זען, צי זי איז ניט קיין א'“,
בּאַש, סtטן פֿון גאָרײַ. „ער לאָזט זיצן די א,
אין הויז,„ נ. גראָס איבּז, תּהליט, קיג, 9.
אומטראַכקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געטראַכקעט. אויך: ~טאַראַכקען. אומקלאַפּן,
אומליאַרעמען ־עניש ־ערײַ.

אומטראַלאַלאַקען — טרוו. ־קע אום, ~
געטראַלאַלאַקעט. אַ לענגערע צײַט זינגען אָן

592

ווערטער, נאָר מיט די קלאַנגען טראַלאַלאַ. דזוו א
אומט(ע)רעלייקען ←.
אומטראָמבּען — ־בּע אום, ~געטראָמבּעט.
טרוו — אַ לענגערע צײַט שפּילן אויף אַ טראָמ־ א
בּע. א, אַ מיליטערישן מאַרש. אוטוו —
בּמקומווערבּ אַרויסצובּרענגען כלערליי גראָבּע, מגושמ־
א
דיקע קלאַנגען. א, מיט דער נאָז.
אומטראַמפּלען — אוטוו. ־פּל אום, ~
געטראַמפּלט. אומגיין מיט שווערע (אָדער גיכע) א
טריט. א, אין גאָרטן און צעטרעטן די פֿלאַנצן.
־עניש.

או'מטראַ'נזיטיוו — אַדי. ניט־טראַנזיטיוו.
א'ער ווערב — אַזאַ וואָס זײַן טואונג גייט ניט אַריבער דירעקט אויף אַ צווייטער פּערזאָן אָדער זאַך, וואָס קען ניט האָבן נאָך זיך קיין שטאַרק באַהערשטן אַקוזאַטיוו אָדער וואָס קען ניט האָבן נאָך זיך קיין דירעקטן אָביעקט, וואָס א ווערט בײַ דער פּאַסיווער זאַץ־קאָנסטרוקציע מגולגל אין דעם סוביעקט. אין אונדזער ווב די קירצונג — אוטוו. ־קייט — אַ סימן פֿון א'.
אומטראַנסליטערירט — אַדי. וואָס איז ניט איבערגעשריבן מיט אותיות פֿון אַן אַנדער א אַלפֿאַבעט (געוויינלעך פֿון אלף־בית אויף לאַטײַנישע אותיות). „זיי קענען ניט לייענען דעם א'ן טעקסט“. ־קייט.
אומטראַנספּאָרטירט — אדי. 1. פּאַר אומ־ א טראַנספּאָרטירן, ← דווו. 2. ניט איבערגעשיקט. “די א'ע סחורה בלײַבט אין לאַגער„.
אומטראַנספּאָרטירן — טרוו. ־טיר אום, ~טראַנספּאָרטירט. איבערטראַנספּאָרטירן, איבערשיקן. א, סחורה.

▯

אומטראַנססאָרמירט — אַדי. וואָס איז

געבליבן בײַ דער פֿאָרעם אָדער דעם תּוך פֿון פֿריִער. א'ער, פֿאַרעקשנטער כאַראַקטער. א'ע אַלטע מאָדעלן ־קייט.

.

אומטראַנסקריבירט — אַדי. 'ניט איבערגעשריבן'. 1. וואָס די סטענאָגראַפֿישע פֿאַרשרײַבונג פֿון דעם איז ניט איבערגעגעבן מיט די געוויינלעכע אותיות. דער א'ער באַריכט פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. 2. וואָס די קלאַנגען פֿון דעם זײַנען נאָך ניט איבערגעגעבן דורך אָנגענומענע צייכנס. „דעם עכט דיאַלעקטישן אַרויסרייד פֿון דער אַלטער פֿרוי האָבן מיר אויפֿגענומען אויף אַ רעקאָרדירפּאַס, אָבער זיי זײַנען דערווײַל א'„. ־קייט.

אומטראַסקען — אוטוו ־קע אום, ~ געטראַסקעט. אַ לענגערע צײַט טראַסקען, קלאַפּן. א, מיט אַ וואָגן שטיינער איבער גרודעס ־עניש.

.

־ערײַ.

או'מטראָ'פּיש — אדי. וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן טראָפּישן קלימאַט. „דער א'ער ווינטער האָט קאַליע געמאַכט דאָס גער טעניש פֿון אונדזערע טראָפּישע פֿרוכטן“ ־קייט.

.
אומטרובֿען — טרוו. ־בֿע אום, ~געטרובֿעט. א
סל. ← אומטראָמבֿען, אומטרומייטערן.
אומטרויאיש — אדי. נעאָל, זשיט. נר.
אומגעטרוילעך. אומצו'טרוילעך. [פּרוּוו צו פֿאַרבײַטן
דטשמ 'מיסטרויאיש'].
אומטרוילעך — אַדי. ← אומגעטרוילעך. א
מאַרק ווּב.

אומטרײַבֿן

ומטרוימען — אוטוו. טרוים אום, ~
געטרוימט. טרוימען כסדר אָדער אַ לענגערע
צײַט. א אַ גאַנץ לעבֿן.

,
ומטרויענדיק — אַדי. מאַרק ווּב. נר. וואָס
האָט ניט קיין צוטרוי. אַן א'ער מענטש.
ומטרויערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געטרויערט. טרויערן אַ לענגערע צײַט. א, און ניט
געפֿינען קיין טרייסט.
ומטרומייטערן — טרוו. ־ער אום, ~(גע)־
טרומייטערט. 1. שפּילן אַ לענגערע צײַט אויף
אַ טרומייט. א אַ מאַרש. 2 פּיג. כסדר
פֿאַר,   .

שפּרייטן אַ קלאַנג, אַ רכילות אע. א, אַ פֿאַלשע ידיעה. 3. בּמקום־ווערבּ פֿאַר כּלערליי מינים מאַכן טומל ווי: אַנאָנסירן, רעקלאַמירן, אויסרופֿן אאַזוו. א, דעם אָנקום פֿון צירק. אויך אוטוו — א, וועגן קאַנדידאַט.

ומטרהא(נע)ן — [...טירכע(נע)ן, ־טער...,
־טאַר...] טרוו. טרחא אום, ~געטרחאט. פּפֿ:
~ט(י)רהה(נע)ן. כּסדר אַ לענגערע צײַט
פֿאַרשאַפֿן טרחות, אַרבּעט,
אומבּאַקוועמלעכקייטן. א, דעם שעף מיט כּלערליי
בּקשהלעך.

ו'מטריוו אַ'ל — אַדי. ניט־בּאַנאַל.
ניטי

אויסגעדראָשן. א'ע רייד. א'ע פֿאָרמולירונג פֿון
אַ טריוו אַלן געדאַנק ־קייט אַן
אומגעי . —
ריכטע א,.

ומטריי — אדי. [פֿטמ — אומגעטרע]
--

1 פֿאַלש, ליגנעריש; ניט־ערלעך. מלל
פֿאַר.

טײַטשט 'אם תּשקור לי', (בּראשית, כא, 23):
,,אום טרייא ווערט". ,,דער פֿרעמדר מוז
דאָך מער האָבּן מורא, אַז מעכשׂט אים אַמאָל

דער ווישן אַז אום טרייאה אום גיט מיט דײַן געלט אבּר סחורה", עיון, סג/א. "דו האָסט צוערשט דײַנע א'ע ליפּן מיט בּלוט פֿון מײַן האַרצן געפֿאָרבּן", יהואָש, זון און נעבּל.

2. וואָס האַלט ניט צוזאָג, שבֿועה, אָפּמאַך, אָפּרייד; אומלאָיאַל. א'ער פֿרײַנד. א'ער בּירגער. א'ע שבֿועה אע = אַזאַ וואָס מע האָט מיט דעם שוין לכתּחילה געוואָלט פֿאַרפֿירן. „דער יונגערמאַן האָט בּאין אופֿן זיך נישט געוואָלט טויפֿן און דאָס מיידל האָט אויך נישט געוואָלט א, ווערן איר רעליגיע", ייִפֿאַל, 11 1885, No. „ עלפּי שׂכל איז ניטאָ קיין איינציקער טעם, פֿאַרוואָס די אַרבּעטערשאַפֿט...זאָל ווערן א, צו איר חובֿ„„ זשיט IX, נ„י 1919.

3. ספּעצ וואָס היט ניט אָפּ געטרײַשאַפֿט אין בּאַציאונג צווישן מאַן און פֿרוי. אַן א'ער מאַן. אַן א'ע פֿרוי. אַן א'ע געליבּטע. „אַך האָט ער שטעק גזאגט ער העט גמיינט ער העט דיא טרייאשׂטה פֿרומה (מלכּה) אין (עולם), אַלזו איז זיא אונטרייא ווארדן, אלזו זײַן אַלי ווײַבּשׂ פּרשונן אומטרייא„„ מראות הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718. "אָט קומט צו מיר אַ יונגערמאַן און הייבּט בּאַלד אָן אַזוי: דאָקטער, מײַן ווײַבּ איז מיר א'", פֿגעז, ווילנע 9 1937, No-10.

ומטרײַ — די. מצ נבֿ. ארכ. אומטרײַשאַפֿט.
י

,,דוא זאָלשׂט אַל דײַן דינר אַרשלאגין דאַר מיט
דאשׂ דײַן קאַמיר דינר...דיא אום טרייא ניט פֿון
אינין זאָל אָפּ לערנין", גה, 208. "דיא און
טרײַא זער איבֿר האַנד נעמט,,, צוכט.
ומטרײַבֿן — טרוו. טרײַבֿ אום, ~געטריבֿן.
1. אַרומטרײַבֿן. א, דעם קהלשן בֿאָק איבֿער

אומטרײַבֿן זיך

אַלע געסלעך. א, די הונגעריקע און נאַקעטע פֿון
איין פּלאַץ אויפֿן צווייטן. א, פֿון איין
טויטנלאַגער אין צווייטן. ,,די צײַט האָט אים
אומגעטריבֿן פֿון דער גבֿירישער קלויז אין חבֿ"ד, און
פֿון דאָרט אין דער קצבֿישער", ח. ד.
גילדענבלאָט, דער חזן, ווילנע 1897. "דער געבֿרום
וואָס טרײַבֿט ווי אַ כוואַליע מיך אום צום בֿראָך
אין געלאַף", אַל, 'אַליין'. קללה: א, זאָל אים
דריסציכע (שילשול).
2. הייסן קומען אַ צאָל מאָל. ,,—. דען ארמן...
וויל [איך] געבן זײַן טייל...איך האבֿ אים דוך
לאַנג אום גיטריבֿן", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.
,,טרײַבֿט מיד ניט אום און לייגט ניט אָפּ אײַער

ענטפֿער״.

3. מאַכן באַוועגן אַהין און אַהער. ״אין די לוזשעס אומגעטריבן קליינע שיפֿלעך פֿון פּאַפּיר״, לאַפּין, צייכנס.

4. כסדר, אַ לענגערע צײַט טרײַבן. א, פֿערד, א, רכילות. א אַ געהיים ברײַזל.

אומטרייבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אומ־.

יאָגן זיך, אײַלן אַהין און אַהער. ״און אַמאָל זיך א, מיט סחורה ווי אַ יאָגהונט איבער די שטאַנציעס״, אמד, דער בן־יחיד, ווילנע תּרל״א. ״און פֿון דרויסן איז אַרײַן אַ שוואַרצע ראָב, לאַנג האָט זי זיך אומגעטריבן״, הר, געדיכטע און לידער.

2. אומוואָגלען. ״ווי דאָס ייִדיש[ע] פֿאָלק אין גלות האָבן זיי זיך אומגעטריבן״, יהואָש, 'דער אָרגל'.

3. זײַן שטאַרק פֿאַרטאָן אין פֿאַרשיידענע (ניט־געגוג חשובֿע) ענינים. ״דאָס לעבן גייט אַוועק אין הו־האַ, אין חלומות, אין א, זיך, און קיין אמתער שטיקל נחת איז ניטאָ״, ר. ברײַנין, שריפֿטן.

4. אַרומפֿירן זיך (לגנאי). א, זיך מיט מוידן.

5. קזוו. אַרומטרײַבן איינער דעם צווייטן. א, זיך בּיזן אַוועקפֿאַלן. ־ונג. ־עכץ. ־עניש —
אַן א אַז עס פֿאַלט אַרויס די נשמה ־עריי.
, . —
אומטרײַבער — דער, ־ס. ווער עס טרײַבט (זיך) אום. דער אורח פֿאַרטײַטשט 'צעים, (ירמיה, מח, 12): „אום טרײַבער". „צו זײַן אומגליק וואַר דאַן קיין גוט יאָר פֿאַר די א'", אמד, מאָטקע און הערשקע, ווילנע 1873.
אומטרײַבערין — די, ־ס. פּפֿ: ־ערקע.
1. אַרומלויפֿערין פֿרוי וואָס קען ניט אײַנזיצן
.
אין שטוב, לויפֿט אַרום צו שכנות, חבֿרטאָרינס.
2. ניט קיין אָנשטענדיקע פֿרוי. "אַן א, פֿאַרטרײַבט מען", פֿוול.
אומטרייבערן — טרוו. ־ער אום, ~
געטרייבערט. 1. איבערטרייבערן. א, אַ דקה, גסה, מאַכן כשר. 2. אַרומטרייבערן, בּאַרײַסן, בּאַשווינדלען. א, אַ יאָלד, מאַכן (שטעלן) אים נקי.
אומטרײַהייט — די, ־ן. דטש מ. נר.
אומגעטרײַשאַפֿט. "ווינד און ווייַ איז די פֿרוי, וואָס ווערט ערטאַפּט בײַ אַן א'", אמד, איינע רײַזע אין אפֿריקא, ווילנע 1871. "מײַן ווײַב איז מיר אומטרײַ. איך האָב פֿיר קינדער, זײַנען זיי ניט

ענלעך צו מיר. — דאָס איז נאָך ניט קיין
באַווײַז פֿון א'" פֿגעז, ווילנע 9 1937, No־10.

,
אומטרייסט — די. מצ נבֿ. נעאָל. דאָס וואָס
האָט פֿאַר זיך ניט קיין טרייסט. „טרייסטן זיי

593

דעם א, מיט אַן אייבּיק, מיט אַ גלייבּיק", סוצ,
וידישע גאַס, 1937.
אומטרייסטבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. ▯ דוווו.
אומטרייסטיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט טרייסטן, בּאַרואיקן, אײַנשטילן.
„נעמט אויף מײַן מיטפֿילן אײַך אין אײַער א'ן
צער„, פּבּ. ־יקייט.
אומטרייסטלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
טרייסטן. „איך בּין געגאַנגען א, איבּער די
גאַסן„, קמ, 11 1863, No. „דענסמאָלט ווערט
פֿאַרחתמעט דער טײַערער בּרונען און דער
מענטש קוקט דענסטמאָל א, אין דער ווײַטער
וועלט אַרײַן", י. טרובּניק, יודישע
פֿאָלקסבּיבּליאָטעק, קיִעוו 1888. ־קייט.
אומטדייסלען — טרוו. ־סל אום, ~

געטרייסלט. 1. שאָקלען אַ לענגערע צײַט. א, אַ
בוים, ס'זאָלן אַראָפּפֿאַלן די פּירות. 2.
איבערטרייסלען. א, די פּערענעס, די קאָלדרעס. 3.
צעטרייסלען. „די שרעקלעכע ידיעה האָט מיך
אומגעטרייסלט“. 4. אומוואַרפֿן. א, אַ פּלאַן.
־ונג. ־עניש.
אומטרײַקייט — די (דאָס), ־ן. ←
אומגעטרײַקייט. „זײַנע מעשׂים האָבן געבוירן און דאַן
געזויגן דעם גאַנצן שוידער פֿון מסירה,
פֿאַרראַט, א'“, טמז, 28 ◻ III 1963.

◻

אומטרײַשאַסט — די, ־ן. דזוו
אומגעטרײַשאַפֿט. „איך בין געווען איבערצײַגט אין מײַן
געדאַנק, איך האָב אים אָבער מורא געהאַט
אויסצופֿירן פֿאַר באַשולדיקן מיך אין א'“, ווײַס,
'ווי דער גורל פֿירט'.
אומטרינקבאַר — אדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
אומטרינקיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט טרינקען. א, וואַסער.
אומטרינקעוודיק — אדי. 1. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט טרינקען (איבער דער טבֿע פֿון דער
זאַך). א'ער נאַפֿט. 2. וואָס קען ניט ווערן

דערטרונקען. א, גומי־שיפּל ־יקייט.

.

אומטרעגלעך — אדי. 1. דזוו
אומדערטרעגלעך ←. ,,דען די פּילע לײַדן וואָס ער לײַדט
פֿון זײַן פֿעטער איז א'“, גאדיל קערשינקאָרין,
דער טיראַנישער פֿעטער, וואַרשע 1886. 2. וואָס
מע קען ניט טראָגן. א'ע שיך. —קייט.
אומטרעטן — אוטוו. טרעט אום, ~געטראָטן.
טרעטן אַהין און אַהער. טרעטן אַ לענגערע צײַט.
א, איבּער (אויף) בּייטן. ,,אויף דעם יעגער[▯]
קאָפּ טרעט אום דער אייזל“, יהואָש, ,פֿון אָמאַר
כאַיאַם'. א, מיט די חזירישע פֿיס אין יענעמס
גאָרטן.
אומטרעכטיקערין — די, ־ס. ←
אומטראַכטערין. מ▯ פֿאַרטײַטשט 'ותהי שׂרי עקרה,
(בּראשית, יא, 30): “און זיא וואַר איין אום
טרעכטיגערן“. בּאר התּורה 'כּי עקרה היא,
(בּראשית, כה, 21): ,,אומטרעכטיגירן'. ,,זיא
זינגט די אונטרעכטיגרין, ניט זיא האָט גיוואונן,,,
טח, נח (הפּטורה).
אומטרעכטער, ־ין — ← אומטראַכטער,
אומטראַכטערין. אין ע)בּ: ,,אומטרעכטאר,,, ,,
אומטרעכטרין“. אין ספּר ר, אַנשיל, קראָקע 1584:
,,אומטרעכטערין“. ,,און, זי וואַר שרי און,

אומטשובען זיך

טרעכטרין ניט צו איר איין קינד“, טח, בראשית, יא, 30. „זי וואַר...איין און טרעכטרין פֿיל טעג און, האָט קיין קינדר ניט“, ר, יעקבֿ בר, מתּתיהו [איבּז], תּם וישר פֿיורדא 1768.

אומטרעלייקען — ← אומט(ע)רעלייקען.
אומטרענבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. דרייזין.
וואָס מע קען ניט אָפּרײַסן, צערײַסן.
אומצערײַסלעך. ־קייט, דרייזין.
או'מטרעני'רט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט טרענירט, אײַנגעלערנט. א'ע זעלנערס. 2. [מיט שטאַרקן אַקצענט נאָר אויף או'מ־] פּאַר ← דוווו. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומטרענירן — טרוו. ־ניר אום, ~(גע) טרענירט. איבּערטרענירן; אײַנבּרעכן אין אַן אַנדער פֿאַך, פּראָפֿעסיע, סיסטעם. א, ד אַרבּעטסלאָזע.

-

א, די פֿוטבּאָל־מאַנשאַפֿט.

אומטרעסירט — אַדי. דזוו אומדרעסירט.
א'ע חיה.
אומטרעסען — טרוו. ־סע אום, ~געטרעסעט.
סל. דזוו אומטרייסלען (←.). ־עניש.
אומטרעפֿלעך — אַדי. מאַרק וובּ. 1. וואָס
מע קען ניט טרעפֿן. א'ע רעטעניש. 2. וואָס קען
ניט טרעפֿן אין ציל, וואָס איז ניט צום פּונקט.
א'ער ענטפֿער. ־קייט.
אומטרעשטשען — אוטוו. ־שטשע אום,
~געטרעשטשעט. עטלעכע מאָל אַרויסגעבן אַ
קנאַק. „די בּיימער טרעשטשען אום אינעם
פֿראָסט" ־עניש ־עריי.
— . .

-

אומטרסותדיק — [...טאַרפֿעס...] אַדי. זן.
וואָס איז דאָרטן ניט בּפֿירוש טרייף, אָבער דאָך
ניט זיכער אַז עס איז באמת כשר. „ס'איז טאַקע
אַן א, הויז, מע קויפֿט כשר פֿלייש, קיין חזיר
קומט ניט אַרײַן אַהין, אָבער...„, רייד.
אומטשאָבען — טרוו. ־בע אום, ~
געטשאָבעט. 1. אַרומטשאָבען, צירעווען אין עטלעכע

ערטער. 2. אַרומנעמען מיט גרויסע שטעך.
א, די קאַפּאָטע.
אומטשאַטעווען — טרוו. ־טעווע אום, ~
געטשאַטעוועט. אַ לענגערע צײַט טשאַטעווען,
נאָכשפּירן. א אַ פֿײַנד פֿון אַ באַהעלטעניש.
,

▯

אומטשאַמקען — ־קע אום, ~געטשאַמקעט.
אוטוו   אַ לענגערע צײַט ריידן
אומפֿאַרשטענד־־־־־
לעך. א, מע זאָל ניט פֿאַרשטיין קיין וואָרט.
טרוו — אַ לענגערע צײַט טשאַמקען, קײַען.
א, מיט די הוילע יאַסלעס אַ האַרט שטיקל ברויט.
־עניש.
אומטשאַקען — אוטוו & טרוו. ־קע אום, ~
געטשאַקעט. כסדר פּלאַפּלען. האַקן מיט דער צונג.
א, און פֿאַרדולן דעם קאָפּ. א, ליגנס ־עניש.
.
־ערײַ.
אומטשאַקען זיך — קזוו. ־קע זיך אום, זיך
~געטשאַקעט. 1. אָנקלאַפּן די כּוסות בײַם
טרינקען ברודערשאַפֿט פֿרײַנדשאַפֿט. 2.
במקום,

ווערבּ פֿאַר אומשלאָגן זיך אע. א, זיך ביז בלוט.
־עניש. ־ערײַ.

אומטשובּען זיך — קזוו. ־בּע זיך אום, זיך ~געטשובּעט. סל. 1. אַרומשלאָגן זיך, זיך רײַסן פֿאַר די האָר. א, זיך ווי פּויערים. א, זיך ווי די הענער. 2. אַרומקריגן זיך.

אומטשוכט

אומטשוכט — ← אומצוכט.

אומטשיקאַווע — אַדי. מאַרק ווב. היפּוך פֿון טשיקאַווע (←). ניט־אינטערעסאַנט; ניטפּיקאַנט. א'ע פּליאָטקע. א'ע אויסשטעלונג.

אומטשיריקען — טרוו. ־קע אום, ~ געטשיריקעט. 1. אַ לענגערע צײַט אַרויסבּרענגען די קלאַנגען טשיריק־טשיריק (ועגן פֿייגל). 2. פֿיג. אַ לענגערע צײַט זינגען, ריידן מיט אַ געמאַכטער זיסקייט.

אומטשישען — ← אומצישען.

אומטשלאַפּען — ◌ וטוו. ־פּע אום, ~ געטשלאַפּעט. אומגיין, אומשליאָנדערן, אומקריכן, אומשלעפּן זיך מיט שווערע טריט. א, ווי אַ בּער איבּערן צימער. א, אין די בּלאָטעס, טשלאַפּטשלאַפּ ־עניש.

אומטשמאָקען — ־קע אום, ~געטשמאָקעט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט טשמאָקען, צונויפֿציִען די ליפּן און אַרויסברענגען אַ קלאַנג, ענלעך צו טשמ. א, מיט די ליפּן.
טרוו — גראָבלעך. קושן. מיט ז י ך — קזוו.
־עכ▯ן. ־עניש. ־ערײַ.
או'מטשעהײַ'ען זיך — אוטוו. ־הײַע זיך אום, זיך ~(גע)טשעהײַעט. סל. אומשלעפּן זיך. א, זיך מיט גאַסניונגען.
אומטשעסל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אום, ~געטשעסל(י)עוועט. דזוו אומטעסען (←).
אומטשעפּען — טרוו. ־פּע אום, ~געטשעפּעט. סל. אַרומהענגען. א, די ווענט מיט גרינס לכּבֿוד שבֿועות.
אומטשעפּען זיך — ← דפֿוו. אוטוו — כּסדר זיך טשעפּען. א, זיך מיט מיידלעך. קזוו — זיך אַרומקריגן אויף אַ לײַכטן אופֿן. א, זיך פֿאַר יעדער קלייניקייט פֿאַר גאָרניט.

אומיאָג — דער, ־ן. גיכער אומדריי פֿון אַ ראָד, אַ טייל פֿון אַ מאַשין. עטלעכע א'ן אין איין סעקונדע.
אומיאָגן — יאָג אום, ~געיאָגט. אוטוו — אַ

לענגערע צײַט אַרומלויפֿן. א, איבער די גאַסן.
האַלטן אין איין א'. טרוו — 1. אַ לענגערע
צײַט יאָגן, טרײַבן עמעצן (פֿון אָרט צו אָרט).
א, דעם שׂונא. „מע יאָגט דעם ייִדן אום פֿון
לאַנד צו לאַנד“. 2. כּסדר אונטעראײַלן צו טאָן
אַן אַרבעט גיכער. א, די געזעלן, די אַרבעטער.
אומיאָגן זיך — ← דפֿוו. 1. דזוו אומיאָגן,
אוטוו. 2. נאָכלויפֿן, פּרוּוון כאַפּן. א, זיך נאָכן
לאָשיקל. א, זיך נאָך כּבֿוד. א, זיך נאָך אַ
פֿאַרבלענדעניש. .א, זיך נאָכן נעכטיקן טאָג, נאָכן
ווינט (אין פֿעלד), נאָך פּוסטע חלומות = זיך
אָנשטרענגען צו דערגרייכן עפּעס אוממעגלעכס
אָדער וואָס האָט נאָר אַ כּלומרשטן ווערט.
3. פֿיג. שטרעבן צו עפּעס, מאַכן באַמיאונגען
עפּעס צו קריגן. א, זיך נאָך אַ גוטער רעצענזיע.
4. קזוו. אַרומיאָגן זיך, אַרומלויפֿן און וועלן
כאַפּן איינער דעם צווייטן. די קינדער שפּילן
זיך און יאָגן זיך אום. ־עכI ו. ־עניש —
אַ ווילד א'. אַן א, וואָס זויגט אויס דעם מאַרך
פֿון די ביינער.
אומיאַדען — טרוו. ־דע אום ~געיאַדעט. פּפֿ:
יאַד(ז)יען. אַ לענגערע צײַט יאַדען,

קוטשען, נגען. א, די שנור, אויסעסן איר די
גאַל ־עניש ־ערײַ.

. .

אומיאָכצ(ע)ן — אוטוו. יאָכץ, ־צע אום, ~
געיאָכצ(ע)ט. אַ לענגערע צײַט אָדער אָפּט קרעכצן.
—עניש.
אומיאָלדיש — אַדי. היפּוך פֿון יאָלדיש. „פֿון
אַלע שטעט אין פּוילן איז...לאָדזש...די סאַמע
גרויס־וועלטישע, סאַמע אייראָפּעאישע און סאַמע
א'ע, געבײפֿטע“, לע, טמז, 10 1963 XI. ־קייט.
אומ אָמערן — ־ער אום, ~געיאָמערט. אוטוו
י
— אַ לענגערע צײַט יאָמערן, שטאַרק קלאָגן.
א, נאָך אַ מת. א, אויף אַן אומגליק. אַקוזוו —
א אַ גרויס געיאָמער.

,
או'מיאַק — ־דער, ־ן. < ענג < עסקימאָ.
עסקימאָ־שיפֿל וואָס
האָט אַ הילצערנע
ראַם און איז
באַדעקט מיט פֿעלן
[אַן א, ווערט

געוויינלעך געפֿירט פֿון פֿרויען וואָס רודערן מיט קורצע ברייטע רודערס.]

אומיד־אַהתדיק — [...יאַדאַ'כאַס...] אַדי. אומאײנשטימיק. וואָס צעשטערט דעם פֿריִערדיקן אָפּרייד (די שותּפֿות). דאָס א'ע ציִען אין פֿאַרשיידענע זײַטן. ־יקייט — ייִדישע א', אונדזער שטענדיקע אומאײנשטימיקייט.

אומיובֿילייעווען — אַקוזוו. ־לייעווע אום, ~יובֿילייעוועט. איר. אַ לענגערע צײַט דורכפֿירן אַ יובֿיליי (מיט אַ סך הכנות אָדער פּאָמפּע). „א, די זיבעציק יאָר ביז מע ווערט אַכציק“, רייד.

אומיובֿלען — [...יויוולען] טרוו. יובֿל אום, ~געיובֿלט. אַ לענגערע צײַט פֿײַערן אַ יובֿל אָדער יעדער מין יובֿיליי. „זײַן פּאַרטיי יובֿלט אום זײַן 70סטן געבורטסטאָג“.

אומיוואַלניע — [ווייכע □] די, ־ס. סל. פּר. פּפֿ □ אומיוואַלקע. געשטעל צום וואַשן זיך [אויבן אַ שיסל, אַ קרוג מיט וואַסער; אונטן און פֿאַרשטעלט — אַן עמער אַרײַנצוגיסן דאָס אומרײנע וואַסער.] אַן א, מיט אַ מאַרמאָרענער פּליטע. אויך: אומיוואַלניק — דער, ־עס. אוקר, וורר.

אומיוטשען — אוטנו. ־טשע אום, ~

געיוטשעט. אַ לענגערע צײַט אַרויסבֿרענגען קלאַנגען ווי אַ חזיר. א, ווי אַן אָפּגעבֿריטער, אָפּגעסמאַליעטער חזיר. ־עניש.

אומיוכצ(ע)ן — אוטוו. יוכץ, ־צע אום, ~ געיוכצ(ע)ט. 1. דזוו אומיאָכצ(ע)ן ←. 2. כּסדר אַרויסבֿרענגען אויסרופֿן, געשרייען פֿון ווילדער פֿרייד. א, ווי שיכּורע שלעגערס ־עניש.

.

־ערײַ.

-

אומיום־טובֿדיק — [...יאָנטעוו...] אַדי. 1. [אַקצענט אויפֿן ערשטן טראַף] וואָס איז ניט פּאַסיק פֿאַר יום־טובֿ. א'ע שטימונג. אָנטאָן א'ע שמאַטעס. 2. [אַקצענט אויפֿן צווייטן טראַף] וואָס איז אום יום־טובֿ. א'ע סעודה. א, דאַוונען. ־יקייט.

▯

אומיום־טובֿן — [...יאָנטעוון] אוטוו. יום־טובֿ אום, ~געיום־טובֿט. אַ לענגערע צײַט דורכפֿירן אַ יום־טובֿ אָדער זיך אויפֿפֿירן ווי עס

אומיהידיש

וואָלט געווען יום־טובֿ; סתּם פֿײַערן, זײַן פֿריילעך. „וואָס איז עס פֿאַר אַ שׂמחה אויף אײַערע קעפּ? וואָס יום־טובֿט איר אום?“

אומיונגסרוי — די, ־ען. איר וועגן אַ פֿרוי וואָס איז ניט מער קיין יונגפֿרוי. אַ יונגע פֿרוי, אָבער אַן א'. ־איש.

אומיוניאָניזירט — אַדי. אַמ. וואָס איז ניט אָרגאַניזירט (געהערט ניט צו) אין אַ יוניאָן, פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין. „דער עקאָנאָמישער דרוק פֿון דער גרויסער מערהייט א'ע אַרבעטער...ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער“, פֿאַש, 1 1964 I. ־קייט.

או'מיו'סט — אַדי. אומחשובֿ, אומלײַטיש, ניט־געזעצט, ניט בעלי־בתּיש. א, און ייִנגלש. א'ע אויפֿפֿירונג.

אומיורידיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט דער יוריספּרודענץ. א'ע האַנדלונג, ניט נאָכן געזעץ. ־קייט.

אומיוריסטיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ יוריסט; וואָס פּאַסט זיך ניט פֿאַר אַ יוריסט. אויף אַן א'ן אופֿן פֿירן אַ פּראָצעס.

אומיושען — אוטוו. ־שע אום, ~געיושעט. אַ לענגערע צײַט זײַן ווילד, בּושעווען (ראַבּעווען, שלאָגן). „די פּאָגראָמשטשיקעס האָבּן אומגעיושעט אַ גאַנצן טאָג„, פּבֿ.

אומיושר — [...יוישער] דער. מצ נבֿ.

אומרעכט, אומגערעכטיקייט. „דאָס איז דער א, פֿון גלעד צו אים“, בּ. ריווקין, אַ גלויבּן פֿאַר אומגלייבּיקע. „די מערסטע...פֿאָנדן זײַנען בּאַגרינדעט אויף א, — מע צאָלט איינעם מיט אַן אַנדערנס געלט“, טמז, 19 l961 X.

אומיושרדיק — אַדי. אומגערעכט. ← דפֿוו. בּאַגיין זיך א', ניט־מענטשלעך. „אין כאַאָס פֿון אַן אַגראַרישער רעוואָלוציע וועט די פֿונאַנדער טיילונג פֿונעם בּאָדן זײַן אַן א'ע„, גרינ, מענטשן און ווערטן.

אומיושרדיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומיושרדיק. „פּריידיקן רחמים און איבּערלאָזן...די עלעמענטן פֿון אומגערעכטיקייט און א'“, קאָר II. „די א, און די אַכזריותדיקייט פֿון דעם וואָס מע רופֿט מיט דעם רעטענישפֿולן נאָמען — טויט“, ימ, נײַס, 1923.

אומיהוס — [...ייִכעס] דער, ־ן. אויך: ~יהוס. היפּוך פֿון יחוס; קנאַפּער, שוואַכער

יחוס. אַרויסקומען פֿון א'. ,,חתן־צד פֿאַרגעסט
ניט דעם א, פֿון כּלה־צד און בּלאָזט זיך“. ,,פֿר
גוויש איין פֿר בּאָרגן גרושׂר און יחוס מן אַן
איינר פֿינד,,, צוכט.

אומיהוסדיק — אַדי. ← דפֿוו. ,,קיינער פֿון
אונדז איז ניט געקומען מיט דער 'מעיפֿלאַוער',
נאָר אויף אַן א'ער שיף“, הל, טמז, 20 1954 II.
־י□ ייִט.

□

אומיהוסן זיך — אוטוו. יחוס זיך אום, זיך
~געיחוסט. אויך: ~י□הוסן זי□־.. זיך
אַרויסשטעלן מיט פֿאַלשן יחוס. כּסדר
אַרויסהייבּן דעם יחוס. ,,מיט וואָס אייגנטלעך יחוסט
ער זיך אום?“, רייד. זיך א, מיט אַ סימבּירניק.

אומיהידיש — [...יעכידיש] אַדי. וואָס איז ניט
פֿון איין יחיד. ניט־אינדיווידועל. א'ע שאַפֿונג.
־קייט, שלמה בּיקל.

אומי□ד

אומי□ד — דער, ־ן. 1. יעדער מענטש וואָס איז
ניט קיין ייִד. אַן א, און דאָך אַן אוהבֿ־ישׂראל.

2. קנאַפּער, ניט־אמתער ייִד. 'גוי'. אַ
פֿאַרגרעבטער ישובֿניק, אַן א'. „אַליין אַ פֿרומער ייִד,
אָבער די קינדער זײַנען בײַ אים אויסגעוואַקסן
א'ן“, רייד.

או'מי▯'דיש — אַדי. 1. ניט־ייִדיש, גויאיש.
א'ער מנהג. די א'ע יאָלקע. „זײַט בײַ זײַט מיט
אַזעלכע א'ע נעמען ווי...“, צײַט, טמז, 1964
I 17. 2. וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר
ייִדן. א'ער אופֿן טראַכטן. 3. וואָס איז פֿרעמד
אָדער פֿײַנדלעך דעם ייִדישן פֿאָלק, גלויבן,
גײַסט, שטייגער אע. „האָבן דאָס אין דער
לאַבאָראַטאָריע פֿון ייִדישע דורות אויסגעאַרבעט
אַזאַ פּערפֿעקטן א'ן פּראָדוקט“, בראָד,
אויסגעקליבענע שריפֿטן.
4. וואָס איז ניט לויטן כאַראַקטער אָדער
גײַסט פֿון דעם ייִדישן לשון. אַן א'ער
אויסדרוק, אַן א'ע פֿראַזע. “פּרוּוולעך פֿון א'ער און
סתּם אומקאָרעקטער טאָפּאָנימיק“, מ. שעכטער,
ייִשפּ II, 1▯X.

או'מי▯'דישלעך — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
ייִדישן שטייגער, ניט לויט דער ייִדישער
טראַדיציע. זיך פֿירן א'. אַן א'ע נקמה. ־קייט.

אומי▯דישקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,

מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומייִדיש (בבֿ 1־3).

אומי□הוס — ← אומיחוס.

אומי□הוסן זיך — ← אומיחוסן זיך.

אומי□נגלש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ ייִנגל, ניט לויט דער טבֿע פֿון אַ ייִנגל. טאָן באַטראַכט, א'. אַזאַ א'ער ענטפֿער פֿון אַ צעניאָריקן ־קייט.

.

אומייסטן — דזוו אומיסטן, אומיסנע (←). דרייזין.

אומייסן — ← אַמייסן. "גיא הין צו דער א, דוא פֿוילר ['לך אַל נמלה עצל', משלי, ו, 6]", משלי בלש ון אַשכּנז, פֿפֿדמ 1713. "גיא דו עצל, דו טרעגר מן, צו דר אַן מייס", המגיד, אגודת שמואל, אמשט 1699.

--

אומי□שובֿן זיך — [...ייִשעוון] אוטוו. ייִשובֿ זיך אום, זיך ~געייִשובֿט. אויך: ~ישובֿן זיך. אַ לענגערע צײַט זיך ייִשובֿן; באַקלערן פֿון עטלעכע שטאַנדפּונקטן. א, זיך אַהין און

אַהער און ניט קענען קומען צו אַ באַשלוס.
או'מינקעטו'ם — אַדוו. פֿטמ. לד. דזוו
אומעטום ←.
אומי'סטן — אַדוו. ← דוווו, ← אומישנע.
< אומיסטנע. פֿאַרשפּרייט איבער אַלע דד,
ספּעצ וורר, אוקר. (לגבי די אַנדערע פֿאָרמען —
מיט מער אַרויסגעהויבנקייט). „און דער שׂטן
האָט דאָשׂ אונ מיסטן גיטאָן, ער זאָל באַקומען
איבּר זיי דיא שליטה“, מע ה אומן. „זאָגט נאָר,
בּרידער קריסטן, טוט איר עס א, דעם בּיקנעם
ייִדן אַזוי כּדי ער זאָל ווערן אַ גוי?“, אבּג,
'דער יוד אין קיִעבֿ, [הש I]. „מעגסט א, טאָן אַ
בּליק וואָס טוט זיך אויפֿן פּאַפּירענעם בּריק“,
ר, מרדכילע, משלים. „— וואָס שרײַסטו? —
א'! א'! זאָל דאָס קינד הערן, זאָל דאָס וויסן,,,
יר I. *א, אויספּערען די גאַל ← אויספּערען.

סובֿ אדמיסטן — דער, ־ס. „פֿון אומגערנס
טויזנטער שטײַגט מײַן קלאָרער א',,, האָפֿ, 1923.
אומיסנע — אַדוו. פּפֿ: אומיסטנע, פֿטמ.
()c1[M : <־ אַ סך מער פֿאַרשפּרייט ווי
אומיסטן. בײַ שע כּמעט שטענדיק אומיסטנע.

1. בכּיוון, מיט אַ קלאָרן מיין. עפּעס טאָן א', מיט אַן אויסרעכענונג. א, וויי טאָן. א, פֿאַרשפּילן. "איז כּמעט אויך אַזוי גלײַך ווי ער האָט'ס קאַליע געמאַכט א'", מס, משלי, תּקע,,ד, יח, 9 ['אָח הוא לבַעל משחית,]. ,,מיר זענען זיך מכין אויף דער חתונה, לאָזן מיר א, זען וואָס דערויס וועט זיך אויסשטאַמפּן", נסים ונפֿלאות וואָס הרבֿ הקודש יהושע־העשל מאַפּטא האָט בּאַוויזן. "איך בּרײַ אײַך א, אויס די אַלע זאַכן, איר זאָלט פֿאַרשטיין...", קמ, 1868, No 15. ,,כּדי אויספֿאָרשטן פֿון אים עפּעס ווערטער איז אים אומיסטנע פֿאַרזאָגט געוואָרן ער זאָל זיך מיט אים אַזוי בּאַגיין,,, ג, ל, כ, ז, איבּז, קאַמבּער מיט דער פּרינצעסין אַרעסיניע, ווילנע 1870. ,,אַלע מיינען דאָס איך בּין א, משה נאַדיר, אַז איך בּין ניט א, משה נאַדיר — דאָס פֿאַלט קיינעם נישט אײַן", נאַדיר־גאַנג.

2. אַדרבּא, אויף טשיקאַוועס (אַזוי ווי אַנו, לאָמיר זען!) "אַנו, טראָגט נאָר אַרײַן אומיסטנע אַן עמער וואַסער", שע, 'קאָנקורענטן'.

געניצט אויך ווי אַן אַדי. אַן א, שטרויכלונג. תּי פֿאַרטײַטשט 'בּיד איש עתּי, (ויקרא, טז, 21): ,,דורך דער האַנט פֿון אַן אומיסטנעם מענטשן".

אומיעטן — טרוו. יעט אום, ~געיעט. 1.
אַרומיעטן, אַרומפּאָלע(ווע)ן. א, דאָס ווילדגראָז.
2. יעטן פֿונדאָסנײַ. א, די עטלעכע בײטן.
אומיענטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~
געיענטשעט. אַ לענגערע צײַט אָדער אָפֿט קרעכצן.
„ווען מע זעט אים, יענטשעט ער אום“, רייד.
־עניש. ־ערײַ.
אומיענצן — טרוו. יענץ אום, ~געיענצט.
וואול. האָבן פֿילמאָליקן געשלעכטלעכן פֿאַרקער.
א, די נקבֿה.
אומ(י)עשטשען — טרוו. ־שטשע אום,
אומ(י)עשטשעט. אַרײַנרוקן, אַרײַנפּאַקן,
אַרײַנפּאַס(ט)ן. א, דעם גאַנצן בֿאַרג זאַכן אין איין
קופֿערט. מיט ז י ך — געפֿינען פֿאַר זיך אַ
אָרט אין אַן ענגשאַפֿט. א, זיך אין דעם
אָנגעפּראָפּטן צימער.
אומיק — אַדי. ניט־גראָד. א'ע פֿונקציע, צאָל
(מאַט). א'ע פֿלוספֿעדערן (זאָאָלאָגיע). א'ער
ריטעם (מוזט). „איז גלײַכער...אויפֿהייבֿן
פֿאַראַמאָל אַלע ערשטע, דריטע, פֿינפֿטע, זיבֿעטע,
דה אַלע א'ע פֿעדעם„, ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו
.1928
אומי'ק — טייל פֿון פֿראַזע מאַכן א'. פּד.
< umyka: . וואוילײונגעריש. אַנטלויפֿן,

נעלם ווערן.
אומירושה — [...יערושע] די, ־שות. שלעכטע ירושה. „מע זאָגט אַז די קרענק איז אַן א, פֿון עלטערן“.
אומירושהדיק — אַדי. וואָס עס גייט ניט איבער בירושה. „טובערקולאָז איז א', ס'איז אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקייט“. “צוגעגאַנגען קריטיש, אַנאַליטיש און דערעיקר מיט קילער און

אומבדרך־הטבֿעדיק

א'ער באַטראַכטונג צו ביאַליקס קינסטלערישן פֿאַרמעגן“, יג, איק, 7 ◌ 1964 II ־יקייט —
—
.
„די ערשטע סיבה...די א, פֿון דער וועלטלעכער יידישקייט“, ש. מאַרגאָשעס, איק, פסח תשט„ז.
אומיש — [...יעש] דער. מצ נב. עפּעס וואָס האָט ניט קיין ממשות. „זוך עס ניט, ס'איז נאָר אַן א,“.

▯

אומישובן זיך — → אומיישובֿן זיך.

אומי'של(?)ענע — אַדוו. סל. ← אומישנע.

אומישנע — אַדוו. 1nie?umy?: ?. <. פּד, וורר. ליטרש. פֿטמ אויך: אַמישנע. דזוו אומיסנע ← . "חבֿרות ווערן א, געמאַכט, עס זאָל נישט פֿעלן קיין כּיבּודים", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. " [מע האָט] געזעצט א, סמאָטריטלען אין יעדער שטעטל וואו נאָר ייִדן האָבּן געוואוינט,,, צ. נ. גאָלאָמבּ, דער פֿערבּאָטענער בּרית, ווילנע 1894. ,,די חסרונות וואָס מיר האָבּן דאָ א, אויסגערעכנט", בּעמ I. ,,טוט ער דערווײַל א, ניט אויס...דעם פּאַלטאָ מיט די גאָלדענע קנעפּ, כּדי שקלאָווער בּאַרישנעס זאָלן אים בּאַוואונדערן", זש, שקלאָווער קינדעך.

זן אויך ווי אַן אַדי. אַן א'ר אַרײַנזאָג. א'ע צרות.

אומישנעדיק — אַדי. בּכּיוונדיק. א'ע גרײַזן. ־יקייט.

אומישׂראלדיק — [...ייִסראָ'על..?] אַדי. נעאַל. 1. וואָס איז ניט אין (פּאַסט זיך ניט צום) גײַסט פֿון מדינת ישׂראל. ,,לויט אײַער אויפֿפֿאַסונג, לויט אײַער א'ן וועלטבּאַנעם", הל, טאָג, 1958 II 8. 2. וואָס געהערט ניט אָדער קער זיך ניט אָן מיט מדינת ישׂראל. א'ער בּירגער.

אומכבֿור — [...קאָווע] דער, ־ן. היפּוך פֿוו
כּבֿוד, דאָס וואָס איז אַזוי ווי אַ חרפּה;
פֿאַרשעמונג. „פֿאַר א, אַנטלויף, אָבער כּבֿוד לויף
ניט נאָך“, שוו. „צוּוואָס ברויכסטו די וויכטיקע
מתּנות...אַדרבּה, דאָס קען פֿאַר דיר זײַן
פֿאַרקערט אַן א'“, ר, יעקבֿ מדובנא, משלי חכמה,
ווילנע תּר„ן. „האָט ער עס געהאַלטן פֿאַר אַן
א', עפּעס פּריקרע, ניט־שיין פֿאַר אַ ייִדן“, ממוס,
ווינטשפֿ. „פֿאַרן רבּינס אַן א'ל יענעם
אויסדינגען די אַרענדע“, ייִל. “ער קען זיך באַרימען אַז
ער האָט אויף זײַן לעבן ניט געהאַט קיין א',„
שע, 'גאַמבעטאַ, פֿוילע ציין פֿאַרשאַפֿן ניט
. „
נאָר יסורים, נאָר אויך א',„ פֿגעז, פּאַריז 1949,
.No 4

-

אומכבֿודיק — אַדי. ← דפֿוו. אומבּכּבֿודיק ←.
„אין קאָלעקטיוון שטאַט קאָן קיינער ניט שרײַבן
אַזוינס וואָס איז א, צו אירע פֿירער“, בצג, טמז,

14 1963 I. ־יקייט.

אומבּדאַי — [...קעדיי] אַדוו. נעאָל. לוינט זיך ניט. „אַ מעשׂה וואָס עס איז ניט א, זי צו דערמאָנען“, לע, טמז, 1 1965 XII. ־איק — אַדי ־איקייט.

.

אום בּדי — [קעדיי'] קאָנ. ווײַזט אויפֿן ציל פֿון דער טואונג, דזוו אום, קאָנ (←.) פּלוס כּדי. פֿטמ. „א, כּ אַרויסצוקריגן פֿון אים דעם אמת, האָבּ איך אים גענומען אויף אַ פֿאַרהער“, רייד.

-

אומכדרך־הטבעדיק — [...קעדערעך־האַטעװ...] אַדי. אומנאַטירלעך, אומגעוויינטלעך. א'־ה'ע פֿעאיקייטן. ־יקייט.

אומ וונה

אומכּוונה — [...קאַוואָנע] די, ־נות. 1. דאָס וואָס איז אָן אַ כּוונה, אָן שום מיין. טאָן עפּעס מיט א', אינגאַנצן אומבּכּיוונדיק. 2. שלעכטע, אומעטישע כּוונה, מיין, ציל. זען אין עפּעס אַ

קלאָרע א'. ־דיק — אַדי. א'ע מעשׂים.
־דיקייט.
אומכוה — [...קויאַך] דער, ־ות. 1 דאָס וואָס האָט ניט אין זיך (גענוג) כּוח; אומפֿעאיקייט מחמת פֿעלן פֿון קראַפֿט. א, צו פֿאָרן ווײַטער; א, גובֿר צו זײַן אַ תּאווה. 2. בּייזער כּוח. דער א, פֿון דעם משחית ־דיק — אַדי.
.
א'ע באַמיאונגען. ־דיקייט.
אומכיבוד — [...קיבעד] דער. מצ נבֿ. שלעכטער אָדער ניט גענוג גוטער כיבוד (פֿאַר אַ גאַסט). „וואָס האָסטו? נאָר האַרטע קיכעלעך און זויערע עפּל? דאָס וועט זײַן אַן א'", רייד.
אומכיוון — [...קיוון] דער, ־ס. היפּוך פֿון כיוון. טאָן מיט אַן א', על־פּי צופֿאַל. ־דיק — אַדי. דזוו אומבכּיוונדיק ←. ־דיקייט.
אומבישו — [...קי'שעף] דער. מצ נבֿ. היפּוך פֿון כּישוף. "ניטאָ דאָ פּאָעטישער כּישוף, בלויז באַנאַלער א'" ־דיק — אַדי. א'ע פֿאָרשטע.
לונג. ־דיקייט.

אומכּישופֿן — [...קישעפֿן] כּישוף אום, ~
געכּישופֿט. אוטוו — כּישופֿן אַ לענגערע צײַט.
טעג און וואָכן א, עמעצן. טרוו — 1.
באַכּישופֿן, אַרומכּישופֿן. א, בחורים און בלײַבן
אַ מויד. 2. איבערכּישופֿן. א, מיט אַנדערע
שפּרוכן.
אומבסדרדיק — [...קעסיי'דער...] אַדי. וואָס
גייט ניט איינס נאָך איינס, וואָס איז ניט לויט
דער ריי, ניט אין דער אָרדענונג. א'ע צאָלן. א'ע
באַמיאונגען ־יקייט.

.

אומכּעסן זיך — [...קאַ'אַסן, קײַ'עסן] אוטוו.
כּעס זיך אום, זיך ~געכּעסט. אַ לענגערע צײַט
(אויף אַ צאָל מענטשן) זײַן אין כּעס. א, זיך
פֿאַר יעדער קלייניקייט. זיך א, און אַרויסגיין אַ
ברוגזער.
אומכּפֿלען — [...קייפֿלען] טרוו. כּפֿל אום,
~געכּפֿלט. איבערכּפֿלען, כּפֿלען פֿונדאָסנײַ.
קאָנטראָלירן און א'.
אומכּשר — [...קאָשע] אַדי. 1. וואָס איז ניט
כּשר לויטן ייִדישן דין. פֿאַרקויפֿן א, פֿלייש
פֿאַר כּשר. א'ע מאכלים. אַן א'ער רעסטאָראַן.
אויך: וואָס איז אָן אַ הכשר. פֿאַרקויפֿן פּסח
א'ע געטראַנקען.

2. וואָס איז קעגן געזעץ; וואָס קומט פֿון גניבֿה; קרימינעל. א'ע אָרגאַניזאַציע, פֿלוגבֿלעטלעך, געשעפֿטן, פֿאַרשוינען. *א'ע סחורה = א) געגנבֿעטע; בּ) וואָס איז אָן אַ פּאַטענט, אָן אַ דערלויבעניש, אָן שטײַערן. אַזוי אויך: האַנדלען מיט א'ן בראַנפֿן אע.

3. ניט־אָנשטענדיק, אוממאָראַליש, אומעטיש. א'ע בּאַציאונגען. "זיי נעמען אָן אַלע כּשרע און א'ע מיטלען אַז אַזוינע שולן זאָלן אונטערגיין", ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקש ול, 1922.

־קייט.

אומכשרות — [...קאַשרעס] די (דאָס), ־ן. היפּוך פֿון כּשרות. א, אין קיך, אין יאַטקע אאַזוו.

5□6

אומכשרן — [...קאַשערן] טרוו. כּשר אום, ~געכּשרט. 1. אַ לענגערע צײַט טאָן אַזוי אַז עס זאָל ווערן כּשר. א, כּלים אע. 2. איבערכּשרן. כּשרן פֿונדאָסנײַ. זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף קיינעם און אַליין א, דאָס גלאָזוואַרג אויף פּסח.

אומכתּב — [...קסאַוו] דער, ־ן. האַנטשריפֿט וואָס איז שווער צו לייענען. אַן א, אַז מע נעמט זיך אַרויס די אויגן.

אומכאַאָטיש — אַדי. ניט־כאַאָטיש, ניט אינגאַנצן כאַאָטיש. „גוט, ס'איז א', אָבער קיין ריכטיקער סדר איז נאָך אַלץ ניטאָ“. ־קייט.

אומכאָדאַטײַע(ווע)ן — אוטוו. ־טײַע(ווע) אום, ~כאָדאַטײַע(ווע)ט. רוסיצ. פֿפּ: ~ כאָדאַטײַסטווע(ווע)ן. אַ לענגערע צײַט זיך משתּדל זײַן. אַרומגיין איבער אָפֿיציעלע אַמטן (בײַ אָפֿיציעלע פּערזאָנען) צו בעטן אָדער פֿאַרלאַנגען עפּעס (לטובֿת עמעצן). א, מע זאָל ניט אַרויסשיקן דעם ייִדן פֿון דאָרף. א, מע זאָל באַצאָלן פֿאַרן היזק.

אומכאָכאָטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~ געכאָכאָטשעט. רוסיצ. אַ לענגערע צײַט אָדער פֿון צײַט צו צײַט הויך לאַכן (אָן אַ סיבה). א, סתּם אין דער וועלט אַרײַן. ־עניש.

אומכאַכלען — אוטוו. ־כל אום, ~געכאַכלט.

אוקר. געסלעך = □]□]h□.o□נ□a□נ: □ □ >.
אַרומשלעפּן זיך; אַרומגיין אָן אַ ציל. „א, גאַנצע טעג“, בריוו. ־עניש.

אומכאָמכען — אוטוו & טרוו. ־כע אום,

~געכאָמכעט. גראָבלעך. כסדר (אויס שטאַמלען; אַרויסרעדן אומקלאָר, אונטער דער נאָז. א, די זעלביקע ווערטער. א, אַז קיינער זאָל ניט פֿאַרשטיין. מיט ז י ך — שפּאָטיש אַנשטאָט אומחכמהן זיך ←.

אומכאַמעווען — אוטוו. ־מעווע אום, ~געכאַמעוועט. אויפֿפֿירן זיך (אַ לענגערע צײַט) ווי אַ כאַם, אַ גראָבער־יונג. א, אויף דעם טאַנצאָוונט ביז מע וואַרפֿט אַרויס.

אומכאַפּן — טרוו. כאַפּ אום, ~געכאַפּט. 1. אַרומכאַפּן. א, עמעצן פֿאַר די פּלייצעס. א, מיט ביידע הענט. א, פֿון אַלע זײַטן. אַ תּאווה האָט אים אומגעכאַפּט. 2. באַנעמען, תּופֿס זײַן. א, די גאַנצע סיטואַציע. ־עכ□ן. ־עניש. ־ערײַ.

אומכאַפּן זיך — קזוו. ← דפֿוו. קעגנזײַטיק זיך אַרומכאַפּן, זיך אַרומנעמען. א, זיך ווי אַלטע פֿרײַנד.

או'מכאָראָ'בען — אוטוו. ־בע אום, ~געכאָראָבעט. סל. אומאיידל. אַ לענגערע צײַט קראַנק זײַן; קרענקען אויף פֿאַרשיידענע קרענק. א, אַ גאַנצן ווינטער.

אומכאַראַקטער — דער, ־ס. 1. דאָס וואָס איז אָן אַ קלאָרן אָדער בולטן כאַראַקטער; דאָס

וואָס איז אומפּערזענלעך. ״דערמאָנען אין
יענער...א׳־אַרבעט, וואָס אָן איר קאָן קיין צײַטונג
קיין קיום נישט האָבן״, לע, טמז, 13 l963 III.
2. שלעכטער כאַראַקטער. אַ פֿאַרביסענער מיט
אַן אָפּשטויסנדיקן א׳.
אומכאַראַקטעריסטיש — אַדי. וואָס איז
ניט אייגנדיק, ניט בטבֿע, ניט ספּעציעל. אַן א׳ער

אומכליאָפּטשען

שטריך פֿון עמעצן (פֿון דער סבֿיבֿה). ־קייט
— א, פֿון דער האַנדלונג.
אומכאָרטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~
געכאָרטשעט. דזוו אומכאָרכלען ←. ־עניש.
אומכאָדכלען — אוטוו. ־כל אום, ~
געכאָרכלט. אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען
גאָרגלדיקע קלאַנגען. א, ווי אַ האַלב־
געקוילעטער, ווי אַ צעיושעטער חזיר. ־עניש.
־ערײַ.
אומכוואַליען — אוטוו ־ליע אום, ~
געכוואַ
ליעט. אָפֿט מיט ז י ך. 1. אַ לענגערע צײַט
וויגן זיך אָדער שאַפֿן כוואַליעס. 2.
אומבּרויזן, אומזידן. „שעלט זי ניט, די גאַס, וואָס

כוואַליעט אום אין פֿרייד״, קוו, טריט ־עניש.

.

אומכוואָרען — דזוו אומכאָראָבּען ←.

אומכוואָשטשען — אוטוו. ־שטשע אום, ~געכוואָשטשעט. הין און צוריק קנאַקן מיט אַ בײַטש, רוט, נאַהײַקע. א, מיט אַ שפּיצרוט. ־עניש.

אומכוליגאַנעווען — אוטוו. ־נעווע אום, (גע)כוליגאַנעוועט. אַ לענגערע צײַט טאָן מעשׂים פֿון אַ כוליגאַן. א, און ברעכן שויבּן.

אומכיטרעדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ שפּיצל, אָן אָפּנאַרערײַ. ריידן אָפֿן, אָן קונצן, א'. ־יקייט.

אומכיטרעווען — אוטוו. ־רעווע אום, ~ געכיטרעוועט. אַ לענגערע צײַט כיטרעווען, איבּערקליגן, איבּערשפּיצן. א, אויף טריט און שריט.

או'מכיכי'קען — אוטוו. ־קע אום, ~ געכיכיקעט. אַ לענגערע צײַט לאַכן מיט אַ דין געלעכטערל. „די קינדער שפּרינגען אום און כיכיקען אום און שטערן אונדז„„ רייד.

אומכיכען — אוטוו. ־כע אום, ~געכיכעט. אַ לענגערע צײַט כיכען, לאַכן קאָקעטיש אָדער כיטרע. א, הינטער יענעמס פּלייצעס. ־עניש.

אומכיקען — אוטוו. ־קע אום, ~געכיקעט.
פֿירן נאָכאַמאָל אָדער הין און צוריק אַ שאַרפֿן
אינסטרומענט (חלף, מעסער אע) איבערן האַלדז
(בײַם קוילען). „אומגעכיקעט מיט אַ גרויסן
קיכמעסער און אָנגעשראָקן אויף טויט“, פּב.
־עניש.

~געכ□ פּאָטש — אוטוו ־טש□
אַפּאָען .
אומכל אום,

אָפּאָטשעט. סל. פּפֿ□ ~כ
טשען. דזוו אומכאָדאָטײַעווען ←, אָבער
געניצט געוואָרן אָפֿטער.
אומכליאָבען — טרוו. ־בע אום, ~
געכליאָבעט. אַ לענגערע צײַט עסן אָדער טרינקען,
אַרויסגעבנדיק קלאַנגען. א, דאָס געקעכטס. א,
פֿון פֿלעשל ביז מע כליאָבעט אויס. ־עכץ.
־עניש.
אומכל אַסקען & טרוו ־ק

.
ל
לענגעי — אוטוו ע אום,
~געכליאַסקעט. פּפֿ: ~כ יסקען. אַ
רע צײַט אָדער עטלעכע מאָל פּאַטשן מיט אַ
געהילך, געקלונג. א, מיט דער גאַנצער האַנט

(אין) די גראָבע באַקן. ־עניש. ־ערײַ.
אומכליאָפּטשען — ־טשע אום, ~
געכליאָפּטשעט. אוטוו — טרעטן אין עפּעס ווייכס וואָס
גיט אַרויס אַ קלאַנג, ענלעך צו כליאָפּ־כליאָפּ.
א, אין בלאָטע. טרוו — ← דפוו. ־עניש.
־ערײַ.

אומכליעשטשען
אומכליעשטשען — טרוו. ־שטשע אום,
~געכליעשטשעט. אומפּאָכען, אומשמײַסן,
אומקנאַקן. א, מיטן כליסט, קאַנטשיק די
אויסגעדאַרטע קליאַטשע. ־עניש. ־ערײַ.
אומכליפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~געכליפּעט.
אַ לענגערע צײַט כליפּען, שטאַרק וויינען. א, ווי
אַ קליין קינד, ווי נאָכן קריגן שמיץ ־עניש.
.
אומכמאַליען — אוטוו & טרוו. ־ליע אום,
~געכמאַליעט. אַ לענגערע צײַט אָדער עטלעכע
מאָל געבן שטאַרקע פּעטש, קלעפּ. א, עמעצן,
מאַכן אים בלוין און בלוי. א, מיט אַ נאַהײַקע
איבערן רוקן. ־עניש.
אומכניקען — אוטוו. ־קע אום, ~געכניקעט.
כסדר אָדער אַ לענגערע צײַט כניקען, האַלב
וויינען. א, ווי אַ פאַרצויגן קינד, ווי אַ קראַנק

קינד. ־עכץ. ־עניש.
אומכראָמ(ס, ש)קען — טרוו. ־קע אום, ~געכראָמ(ס, ש)קעט. אַ לענגערע צײַט קײַען מיט קנאַקערײַ פֿון ציין. א, ביינער ווי אַ הונט. א, מערן ווי אַ דבֿר־אַחר.
אומכראָנאָלאָגיש — אדי. וואָס איז ניט אין כראָנאָלאָגישן, צײַטלעכן סדר. „די געשעענישן זײַנען איבערגעגעבן א'; דער מחבר שפּרינגט איבער גאַנצע יאָרצענדליקער און שפּעטער קערט ער זיך אום צו זיי“. ־קייט.
אומכראָניש — אדי. וואָס געדויערט ניט קיין לאַנגע צײַט (בשײַכות מיט קראַנקייט). א'ע קרענק.
אומכראָפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~געכראָפּעט. אַ לענגערע צײַט כראָפּען. א אַ גאַנצע נאַכט.
א אַז די פֿענצטער זאָלן ציטערן ־עניש.
אומכראַקען — אוטוו. ־קע אום, ~ געכראַקעט. אַ לענגערע צײַט כראַקען; אַרויסגעבן פֿלעגמע, ליחות פֿון גאָרגל. כּסדר א, און אָנכראַקען די גאַנצע שטוב ־עכץ. ־עניש.
אומכר(י)וקען — אוטוו. ־קע אום, ~

געכר(י)וקעט. אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען
קלאַנגען ווי אַ חזיר. אומבורטשען און א'.
־עכץ. ־עניש.
אומכריפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~געכריפּעט.
אַ לענגערע צײַט כריפּען, אַרויסגעבן
סקריפּעדיקע אָדער הייזעריקע קלאַנגען. א, בײַ אַ
פֿאַרקילונג ־עניש.

.

אומלאַבאָראַטאָדיש — אַדי. וואָס איז ניט
אַזוי ווי (עס דאַרף זײַן) אין אַ לאַבאָראַטאָריע.
א, דורכפֿירן אַן עקספּערימענט. א'ער אַנאַליז.
־קייט.
אומלאָ'בוסן — אוטוו. ־בוס אום, ~
געלאָבוסט. אַ לענגערע צײַט אַרומגיין ליידיק,
פּוסטאון־פּאַס. א, ווי אַ הפֿקר־יונג.
אומלאַביאַליזירט — אַדי. (וועגן קלאַנג)
פֿאָרמירט אָן פֿולן אָדער טיילווײַזן פֿאַרשליסן
די ליפּן. פֿון א'ן [נ] אַריבערגיין צום
לאַביאַליזירטן [מ]. ־קייט.
אומלאָבן זיך — אוטוו. לאָב זיך אום, זיך
~געלאָבט. אַ לענגערע צײַט הנאה האָבן פֿון
עפּעס, קוויקן זיך מיט עפּעס (און דערבײַ
אַרויסווײַזן עס). א, זיך מיט די פֿעטע שפּײַזן.
־עכץ. ־עניש.

אומלאָג — דער, ־ן. געלט צו קירעווען אַ געשעפֿט. ← אויסלאָג, בּ2 פֿירן געשעפֿטן מיט

▯

וויניק א'.

אומלאָגיק — די. מצ נבֿ. היפּוך פֿון לאָגיק. „מקבּל זײַן בּאהבֿה די א'“, יג, איק, 1957.

אומלאָגיש — אַדי. ניט־לאָגיש, ניט־שׂכלדיק. ריידן א'. „דאָס לעבּן האָט אַ פּריווילעגיע צו

זײַן א'“, ימ, דאָט נײַע לעבּן, נ„י 1923, ▯ I.

־קייט — „איז לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צו דער רירעוודיקייט און א, פֿון אונדזער סטיל„, ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. “אָט דער עלעמענט פֿון...א, איז אין אַנטיסעמיטיזם הײַנטיקן טאָג

נאָך שטאַרקער„, ייִבּל 2 ,III ▯X.

אומלאַגערן — טרוו. ־ער אום, ~געלאַגערט. 1. בּאַלאַגערן פֿון אַלע זײַטן. אַרומרינגלען. ← אומלעגערן. 2. (סוחריש) איבּערלייגן סחורה פֿון איין לאַגער אין צווייטן. א, די זעקלעך תּבֿואה.

אומלאָד — דער, ־ן. אַקט פֿון אומלאָדן. אַ

גיכער א'.
אומלאָדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומלאָדן. אַ נויטווענדיקע א'.
אומלאָדן — טרוו. לאָד אום, ~געלאָדן. 1. איבערלאָדן. א, דעם וואַגאָן סחורה אין אַ צווייטן וואַגאָן. 2. צוגעבן ענערגיע. א, די עלעקטרישע באַטאַרייען. ־עניש. ־ער.
אומלאָדן זיך — קזוו. לאָד זיך אום, זיך ~געלאָדן. אַ לענגערע צייַט משפּטן זיך. זיך א, איבער אַ ירושה. ־עכ ן. ־עניש.
אומלאַוו(ר)ירן — אוטוו. ־וו(ר)יר אום, ~ געלאַוו(ר)ירט. אומנמאַנעווורירן; איבערקאָמבינירן. א, צווישן צוויי פֿײַנדלעכע לאַגערן. א, מיט די שפּרינגערס (שאָך).
אומלאָזונג — דער, ־ען. אומפּאַסיקער לאָזונג (וואָס קען ניט ברענגען קיין נוצן די וואָס שטעלן אים אַרויס). „פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן איז פֿאַר א שטאַרקער פּאַרט אַן א'".
יִ

־

אומלאָזן — טרוו. לאָז אום, ~געלאָזן. אַרכ. פֿרײַלאָזן; אָפּלאָזן. „...דשׂ מן דיזן מאַן ווידר

אום ליז צו זײַנם הערן גין מיט פֿרידן“,
יוסיפֿון, אַמשט 1661.

אוטוו ־זשיר אום, ~
גע
לאָזשירט. פּפֿ: ~ל
אומלאָזשירן
אַזשירן. אַריבּערגיין פֿון

איין דירה אין אַ צווייטער (וועגן אַ
קוואַרטיראַנט וואָס האָט אַ צימער אָדער אַן אָרט צום
שלאָפֿן בײַ עמעצן). „ער באַצאָלט ניט די
באַלעבאָסטעס און האַלט אין איין א',,, רייד.
אומלאַטכע(נע)ן — טרוו. ־כן (־כע) אום,
~געלאַטכנט .כעט). כסדר אָדער אַ לענגערע
צײַט גנבֿענען; לאַטכענען פֿון אַלע זײַטן. (
געניצט פֿאַרשטעלט, מיט ביטול, אויך האַלב
גוטמוטיק). אַ פריקאַשטשיק וואָס לאַטכנט אום פֿון
אַלע פּאָליצעס.
אומלאַטען — טרוו. ־טע אום, ~געלאַטעט.
1. לאַטען אַ לענגערע צײַט. א, ביז שפּעט אין
דער נאַכט. 2. אַרומלאַטען. א, דעם אַלטן

קאַפּטן.

או מלאָיאַ'ל — אַדי. ניט־לאָיאַל, ניט־געטרײַ.

א'ער בירגער. זײַן א, צו דער רעגירונג, פּאַרטיי,

אומלאַשטשען

צום אייגענעם פֿאָלק אאַזוו. ־יטע'ט — (מער אָפֿיציעל) א, צו דער רעגירונג, צום לאַנד.

־קייט — (מער אינטים) א, צו חבֿרים.

אומלאַכן — אוטוו. לאַך אום, ~געלאַכט. אַ לענגערע צײַט לאַכן. האָבן אַ גרינגן קאָפּ, א, טאָג און נאַכט ־עניש.

.

אומלאָמען — אוטוו. לאָם אום, ~געלאָמט. אַרומגיין הינקענדיק. א, מיט אַ קירצערן פֿוס.

אומלאַנג — אַדוו. מיט אַ קורצער צײַט צוריק. „דען דו בישׂט גיקומן צו אונזרם קיניגרײַך פֿון בבֿל איצונדר אונלאַנג„, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

אומלאַנגווײַליק — אַדי. וואָס איז ניט לאַנגווײַליק, אָבער אויך ניט (צו) אינטערעסאַנט. „דאָס בעסטע וואָס מע קען זאָגן וועגן דער פֿאַרשטעלונג — זי איז געווען א"" ־יקייט.

.

אומלאַנגזאַם — אַדי. דטשמ. וואָס איז □, □
פאַמעלעך, אָבער אויד ניט (גענוג) גיך. א'ע
באַוועגונגען ־קייט.

.

אומלאַנגסט — דזוו אומלענגסס ←. „איז א,
אין האַנאָווער בײַ אַ פֿרײַנד געוועזן“, לאיזע,
דעם קעניגס געשעפֿטספֿערזאָרגער, בוקאַרעשט
[יאָר?].
אומלאַנד — דאָס, ~לענדער. שלעכט לאַנד.
„סורינאַם איז אַן א'“, רייד.
אומלאַסקע — די, ־ס. אומפֿרײַנדלעכקייט;
אומחן; כעס. באַגעגענען מיט אַ זויערער א,.
דײַטש־אידישער ווב, וואַרשע 1918.
אומלאָפּטשען — טרוו. ־טשע אום, ~
געלאָפּטשעט. אַרומצופּן, אַרומגריזשען. א, דעם לאַבן
ברויט. ־עניש.
אומלאַססירן — טרוו. ־סיר אום, ~(גע)
לאַפּסירט. אַרומשמירן מיט לאַפּיס. “ס'עט אַ ביסל
ברענען בײַם א',,, רייד.
אומלאַפֿן — דזוו אומלויפֿן. מייִ. „שאַרפֿי
שווערטער דיא פֿאַר דעם גן־עדן אום לאפֿין די
דא היטן דאז גן־עדן“, ר, אבא בר, שלמה, סוד
הנשמה, אַמשט 1696.
או'מלאָקאַ'ל — אדי. וואָס איז שייך ניט בלויז

צו איין אָרט אָדער געגנט. אַן אַלגעמיינע, אַן א'ע אייגנשאַפֿט, שוואַכקייט אאַזוו.

או'מלאָקאַל — דער, ־ן. שלעכטער, אומפּאַסיקער לאָקאַל. „איר מוזט אַרויס פֿון דעם דאָזיקן שמוציקן א'„, רייד.

או'מלאַ'קאָמען זיך — אוטוו. ־מע זיך אום, זיך ~געלאַקאָמעט [אויך מיטן אַקצענט אויף אָ]. סל. 1. דזוו אומלאָבן זיך ←. 2. כּסדר קוואַפּען זיך נאָך עפּעס. א, זיך נאָך אַ פֿאַרדינסטל.

א שלאַקיר — טרוו ־קיר אום, ~געל ירט.

ן .

1. ארומלאקירן. א, די קאַנטן פֿון טיש. .

איא

בערלאַקירן. א, דאָס מעבל.

אומלאָקערן — אוטוו & טרוו. ־ער אום, ~ געלאָקערט. ← אומלויערן. 1. אַ לענגערע צײַט לאָקערן, לויערן, נאָכקוקן. א, (אויף) דעם שׂונא

די גאַנצע נאַכט. 2. לאָקערן אין פֿאַרשיידענע ערטער. א, פֿון דעם הײַזל און פֿון אַקעגנדיקן וועלדל.

אומלאַשטשען — טרוו. ־טשע אום, ~ געלאַשטשעט. אומצערטלען. א, אַ קינד, אַ גוטן פֿרײַנד. א, ז י ך — קזוו ־עניש.

.

אומלבֿנהדיק

אומלבֿנהדיק — [...לעוואָ'נע...] אַדי. וואָס איז אָן (דער שײַן פֿון) דער לבֿנה. טונקעלע א'ע נעכט פֿון סוף חודש.

אומלהכעיסדיק — [...לעהאַ'כעס...] אַדי. וואָס איז ניט אויף צו־להכעיס, ניט כדי אָפּצוטאָן. רואיק און א, זיך אָפּזאָגן עפּעס צו טאָן. ־יקייט.

אומלוהדיקייט — [...לואַכ (לועכ)...] די (דאָס). מצ נבֿ. נעאָל. סיטואַציע וואָס שטימט ניט מיטן געוויינלעכן גאַנג פֿון דער נאַטור. „גלײַך זיי וואָלטן זיך אַנטשולדיקט פֿאַר זייער א"", לע, בײַס פֿוס פֿון באַרג.

אומלויב — דער, ־ן. היפּוך פֿון לויב. דאָס וואָס איז כלומרשט (אָדער געמיינט וו) אַ לויב, אָבער איז אין־דער־אמתן (אָדע ר ווערט

אויפֿגענומען) כמעט ווי אַ טאַדל. ניט נתפעל ווערן ניט
פֿון לויב, ניט פֿון א,.

אומלויבֿן — טרוו. לויב אום, ~געלויבט. לויבֿן
אַ לענגערע צײַט, אין פֿאַרשיידענע ערטער. א,
עמעצן אויף טריט און שריט. ,,ווער איז אַ
נאַרישער טאַטע? וואָס האַלט אין איין א,
אייגענע קינדער,,. ־עכץ. ־עניש.

אומלויבֿנסווערטיק — אַדי. [טרעפֿט זיך
אויך אָן ־יק. נר. דטש□]. וואָס איז ניט ווערט
מע זאָל לויבֿן. א'ע האַנדלונגען, אַרטיקלען
אאַזוו ־יקייט.

.

אומלויזן — טרוו. לויז אום, ~געלויזט. אָפּט
מיט ז י ך. (אַרומזוכן און) באַפֿרײַען פֿון
לײַז. א אַלע זוימען פֿון העמד ־עכץ —עניש.

, . .

אומלויט — דטש□ו. נר. ← איבערקלאַנג.

אומלויטער — אַדי. 1. ניט־קלאָר; ניט־ריין.
האַרבסטיקע א'ע הימלען. 2 פֿאַרצויגן מיט

.

עפּעס, ניט אַרומגעווישט. ,,אַז איינר דער דא
זיכט דאָרך איין אום לויטר שפּיגל“, סהמ,
יחזקאל. 3. אומריין, געמישט מיט עפּעס. א'ער

בּ▯. וואָס איז אַזוי ווי פֿאַרצויגן מיט
ארמצונפֿן. א, וואַסער. א'ער קוואַל מיט זאַמד.

▯ ▯ ▯

פֿרידנקייט, זאָרג אע. אַן א'ער בליק. „קנייטשן
פֿון זאָרג אויף די א'ע פּנימער“. 5. גײַסטיק,
מאָראַליש ניט־ריין. אומפֿאַרלאָזלעך. א'ער
פּאַרשוין. שעפּן ידיעות פֿון אַן א'ן קוואַל. ־קייט.
אומלויכטן

— לויכ▯לײַכטן. טרוו —
באַאום, ~געלויכטן (אויך:
~געלויכט). פּפֿ: ~ י
לויכטן כסדר, אַ לענגערע צײַט אָדער אַרום און
אַרום. א, דעם לאַנגן דורכגאַנג. א, די גאַנצע
הייל. אוטוו — דזוו לויכטן. א, פֿון נחת.
אומלוינבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס עס
לוינט זיך ניט, איז ניט כדאַי, אומכּדאַיאיק.
„קליינע מענטשעלעך, וואָס זײַנען אָפּגעשטויסן
געוואָרן צו די א'סטע פּראָפֿעסיעס„, הייליקמאַן
[נש, ישפּ, 3 (10)]. ־קייט.
אומלויערן — אוטוו & טרוו. ־ער אום, ~

געלויערט. דזוו אומלאָקערן ←. [~לויערן אין געוויינלעכן רעדן; ~לאָקערן — אין געהויבּענעם לשון, אַ בּיסל אַרכ.]

אומלויף — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אומלויפֿן. אַן א, אָן אַן אויפֿהער. 2. אומדריי. א, פֿון ראָד, פֿון דער מאַשין אע. א'־ציילער־אַפּאַראַט וואָס ציילט די א'ן פֿון אַ ראָד.

3. אַרומקרײַזונג אין אָרבּיט פֿון אַ הימלשן

598

קערפּער. דער א, פֿון אַ פּלאַנעט, פֿון אַ סאַטעליט. חה פֿאַרטײַטשט ,תּנועות הגלגלים, — א, פֿון די גלגלים. ,,און איך האָבּ געפֿונען דאָס די זיבּן מזלות אין דעם צײַטרוים זייער א, האַלטן״, שי, ווילנע 1904. ,,ווען עס טוט זיך בּאַנײַען צו איינע פֿון די כּוכבֿי המזלות אָדער עס ווערט פֿאַרענדערט דער שטאַנד פֿון דער זון, דאָ ווערט געטאָפּלט דער שטאַרקער אײַנהאַלט פֿון דעם א'..., דאָ קומט די פּלאָגונג״, י. הפּניני (א. פּאַוויר), בּחינת עולם, ווילנע תּך״כ.

4. פֿולער צײַטאָפּשניט; תּקופֿה פֿון אַ בּאַשטימטער צײַט. דער א, פֿון יאָר. מלל

פַארטײַטשט 'תּקופֿת השנה, (שמות, לד, 22): „אום לויף פֿון יאָר„ [תּי: „אומדריי]. זן אויך ווי אַ פּרעפּ מיטן ב: פּונקט אין — אַרום. א, אַ יאָר = פּונקט אין אַ יאָר אַרום. „א אַ מאָנאַט האָט

,

דער קייזער געמאַכט נאָך אַ סמאָט[רע]...„, א. מאָרגנשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

5. אומקרײַזונג, צירקולאַציע פֿון בלוט. גרויסער א, דורך דעם גאַנצן קערפּער און קליינער א, דורך די לונגען. „די לונגען...לײַדן שטאַרק פֿון ניט־גענוגנדיקן בלוטא, אין קליינעם קרײַז„, פֿגעז, ווילנע 2 1938, No.

6. אומזאַץ; צירקולאַציע פֿון געלט. א, פֿון קאַפּיטאַל. אָפּשטעלן דעם א, פֿון פּאַפּירגעלט.

7. אומקדײַז פֿון אַ שטאָט, אומגעגנט. „איך בין גיוועזין צו דאהילנאָוואַ, דא איז גיוועזין אום לויף פֿון פלאָטצק„, ש ו„תּ בּ"ח, קאָרעץ 1785 [הש I].

8. קאַרניז, געזימס וואָס נעמט אַרום פֿון אַלע זײַטן. מ I פֿאַרטײַטשט 'כּרכּבֿ המזבּח, (שמות, כז, 5): „אום לויף"; אַזוי אויך ראָש

9. מענטש וואָס איז אומרואיק, קען ניט אײַנמלין־מפֿתּח, זשיטאָמיר 1872 [תּי: „געזימס"].

זיצן אויף אַן אָרט. אַן א, מיט קוועקזילבער אין בלוט (הינטן). ״איר מאַן דער א, איז שוין ווידער אַוועקגעפֿאָרן,,, רייד. 1O. די. מצ נב. ווי ב9. קאָקעטקע, אַרומלויפֿערין, אויסלויפֿערין ←; ניט־אָרנטלעכע פֿרוי. ״איבער יעדער א, רײַסן זיך מענער,,, אָפּאַ, די טענצערין.

אומלויפֿבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. ← אומלויפֿיק.

אומלויפֿגעלט — דאָס, ־ן (־ער). געלט וואָס צירקול▯רט. ״אין דעצעמבער 1940 האָט דער געטאָ־פּרעזעס אַרויסגעלאָזן די ייִדישע באַנעס אַלס א, אין לאָדזשער געטאָ״, ח. ל פֿוקס,

.

פּנקס פֿון ייִדישע דרוקער אין פּוילן, וואַרשע 1949.

אומלויפֿונג — די, ▯ען. פּראָצעס פֿון אומלויפֿן. דזוו אומלויף. ,,און, עשׂ וואַר צו אום א לויפֿונג דישׂ יארשׂ״, יוסיפֿון, אָמשט 1661.
,,ווען דאָס קינד איז ייִנגער, איז בײַ אים אַלץ שטאַרקער די א, פֿוו די בלוט,,, מלכּה בערלאַנט, א די נליקלעכ▯ מוטער, ווילנע 1836.

אומלויפֿיק — אַדי. וואָס איז (קען זײַן) אין

אומלויף. א, געלט.
אומלויפֿן — אוטוו. לויף אום, ~געלאָפֿן [וועגן
ה אָ בֿ ← אויסלויפֿן]. 1. אַ לענגערע צײַט
לויפֿן, אײַלן (זיך); לויפֿן פֿון אָרט צו אָרט. א
א, הענדום־פּענדום ←. א, גאַנצענע טעג ווי אַ

אומלויפֿערײַ

משוגענער הונט. א, ווי אַ שרעטעלע. א, ווי אין
אַ חסידאַרניע. „און, שלמה וואַר אום לויפֿן אין
דער גנצי וועלט און, זאָגט איך בין מלך שלמה
פֿון ירושלים“, צאינה, תּרומה (הפֿטרה). „דיא
הינט...לופֿן אום איין גאַנצי נכט צו עשׂן„,
סהמ, תּהלים, נט, 16. „אַ קול האָבן
אַרויסגעלאָזט די הימלען און דײַנע פֿײַלן זײַנען
אומגעלאָפֿן“, תּי, תּהלים, עז, 18. „אַלע ערטער...
וואו זי פֿלעגט אַמאָל אין אירע קינדעריאָרן א,
מיט אירע חבֿרטאָרינס“, יד, אבֿן
נגף2. אַרומלויפֿן (אין גרויס אויפֿרעגונג). א, ווי
בעת אַ שׂריפֿה. א, אָן זיך, אָן אַ קאָפּ, ווי אַ
משוגענער. א, ווי אַ חסר־דעה. א, ווי אַ
פֿאַרסמטע מויז. א, ווי אַן אונטערגעשאָסענער.
„ס'האָבן לעמפּלעך צעצונדן די שטאָט און לויפֿן
אום אין וויטרינעס ווי מײַז“, איטשע סלוצקי,

אינמיטן, וואַרשע 1939. ,,אַז איין אונזנגי
[=אומזיניקע] זי אין דער הויטן אום לוף“,
בבֿא־בּוּך, 482. ,,עס איז געוואָרן אַ גרויסער
רעש אין שטאָט...זענען אַלע אומגעלאָפֿן ווי
משוגע,,, מעע)יות נוראים [פֿון ראַדזימינער
רבּין], פּיעטרקובֿ תּרע,,ד. ,,ער האָט געהאַט אַ
סטופּע אויף שטייסן מצה...די סטופּע פֿאַר פּסח
איז אומגעלאָפֿן ווי אַ משוגענע פֿון שטובּ צו
שטובּ,,, מ. א. שאַצקעס, יו□ ישע
פֿאָלקסבּיבּליאָטעק, קיִעוו 88□1.
3. אומפֿליסן. ,,נאָכן גרויסן רעגן לויפֿן
ריטשקעס אום איבּער די גאַסן,,.
4. אַרומדרייען זיך. ,,עשׂ איז איין גלגל דשׂ
דא אַלזו אום לויפֿט אין דעם עולם“ [וועגן מזל
ווי וועגן אַ גלגל החוזר], ספֿר היראה דר, יונה,
ציריך 1546 [פֿש II]. פּלאַנעטן לויפֿן אום אַרום
דער זון.
5. (וועגן צײַט) אַוועקגיין און זיך צוריק
אומקערן צום זעלבּיקן צײַט־פּונקט. ,,אָט איז אַ
יאָר גיך אומגעלאָפֿן און עס איז ווידער ערבֿ
פּסח“, רייד.
6. (וועגן בּלוט) צירקולירן. ← אומלויף, בּבּ
5, 6. ,,דאָס בּלוט לויפֿט אום איבּערן גאַנצן
קערפּער“. (וועגן געלט) צירקולירן. ,,עס לויפֿן אום אַ

סך פֿאַלשע דאָלאַרן„„ רייד.

7. מעט מיט פֿאַרשיידענע ניואַנסן ווי אין: די אויגן לויפֿן אום = א) קוקן אין אַלע זײַטן; בּ) זײַן שטאַרק צעטומלט. „ער זאנק דר נידר אויף אי□ן קישׂט, זײַן אויגן אים קופּף אום לאופֿן“, בּבֿא־בּוך, 347.

8. פֿאַרקערן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפֿט. א, מיט שקצים, מיט גנבֿים.

9. זײַן צעלאָזן סעקסועל. ער לויפֿט אום מיט שיקסעס. זי לויפֿט אום מיט פֿרעמדע מענער.

ומלויפּע□ו, ־עניש — דאָס (די), ־ן. (געדויערויקער) פּראָצעס פֿון אומלויפֿן, ספּעצ בּבֿ 1, 2.

ומלויפֿער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס לויפֿט אום, ספּעצ — אומלויפֿן בּבֿ 1, 2, 8, 9. אַן א, איז ניט קיין פֿאַרדינער. חתונה האָבן מיט אַן א'ין. „ער איז אַ שיכּור, אַ גאַסנאַ„ אַן עקשן„„ אמד, די שקלאַווערײַ, ווילנע 1887.

ומלויפֿערײַ — די & דאָס. טואונג פֿון אומלויפֿן, ספּעצ בּבֿ 1, 2, 8, 9.

אומלומדות

אומלומדות — [...לאָמדעס] די (דאָס). מצ נבֿ. כּלומרשטע פֿאַלשע לומדות; נידעריקע מדרגה פֿון לומדות. „האָט ליבֿ צו דרשענען און ווײַזט אַרויס זײַן א'„, פּבֿ ־דיק — אַדי.

.

אומלומדיש — [...לאָמדיש] אַדי. וואָס איז ניט לויטן שטייגער פֿון אַ למדן. „ס'איז א, געבֿן אַ זאָג! ר, הלל, ר, שמאי,„. ־קייט.

אומלוסט — די, ־ן. ווידערווילן, ווידערגעפֿיל, אומחשק. האָבֿן א, צו אַ מאכל, צו אַן אַרבֿעט. „געוויסע אַטאָמען זאָלן קאָנען אויסטאַנצן אַ פּסיכישן טאַנץ פֿון לוסט־געפֿילן און א־געפֿילן“, זשיט II, נ״י 1912. „דשׂ דר וועקט פֿיל מאָל גרושׂי אום לושׂטין פֿון דיא שׂטודענטן... דשׂ זיא דיא יהודים שלאָגן אונ, פֿיל מאָל טיטן„, שאַר, קכב/ב.

אומלוסטיק — אַדי. 1. ניט־לוסטיק, ניטפֿריילעך (אָבֿער אויך ניט טרויעריק). „דיא שכינה טוט ניט רואן אויף איינם מענשין ווען ער אום לוסטיג איז, נײַארט וואו שׂמחה איז„, נצ1, דבֿרים, לט/ג. אַרומגיין אַן א'ער אויף אַ פֿריילעכער חתונה. 2. ניט־צופֿרידן. “און, ווען ער ניט וויל דען דין טאָן איז ער אום לושׂטיג

אויף זיא, ווײַל זיא זײַנען זײַנה מעשׂה ידיו,,,
נצ1, בּראשית, יג/ד.
אומלוסטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט
אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומלוסטיק. ,,דורך דער
נשמה יתרה ווערט פֿר געשׂין אַלי אום
לושׂטיקייט אונ, צאָרין, דען דאָרטין וואו זיא איז דא
איז אייטל שׂמחה וחדוה", נצ1, שמות, כה/ג.
פֿאַרפּויקן אָדער פֿאַרשרײַען די א'.
אומלו — טרוו. ־קע אום, ~געלוסקעט.
פּפֿ: קען. בּיסלעכווײַז און פֿון אַלע
זײַטן בּאַפֿרײַען פֿון שאָלעכץ. א, מיט די
פֿינגער דעם מאַראַנץ. ־עניש.
אומלופען — ▯ טרוו. ־פּע אום, ~געלופּעט. סל.
ניט־געראָטן אַרומשנײַדן, אַרומשינדן. א, דעם
דערשאָסענעם האָז און קאַליע מאַכן דאָס פֿעלכל.
אומלופֿטיק — אַדי. וואָס האָט ניט גענוג
פֿרישע לופֿט. אין אָנגערייכערטן, א'ן צימער.
־יקייט.
אומלופֿטערן — טרוו. ־ער אום, ~געלופֿטערט.
1. אַ לענגערע צײַט לופֿטערן, האַלטן אויף דער
לופֿט. א, קליידער, ספֿרים. 2. אומבּײַטן די
ניט־גוטע לופֿט, אַרײַנלאָזן פֿרישע. עפֿענען אַלע
פֿענצטער און א, די דירה. 3. ווידער
בּאַטראַכטן, בּאַהאַנדלען. א אַ פּראָבלעם, אַן

מענט.
או'מלו'קסוסדיק — אַדי. וואָס איז אָן
לוקסוס (אָבער גענוג באַקוועם). אײַנשטעלן די
דירה א', אָבער מיט פֿײַנעם געשמאַק. ־יקייט.
אומלושטשען — ← אומלוסקען.
אומליאַמעווען — ־מעווע אום, ~
געליאַמעוועט. טרוו — אַרומליאַמעווען; אַרומזוימען.
א, די טירן אויף ווינטער, דער פֿראָסט זאָל ניט
אַרײַנקומען דורך די שפּאַרונעס. אוטון —
מאַכן אָפּט ליאַמעס, קערמישלעך. א, ווי יונגע
פּריצימלעך.
אומליאַסקען — ← אומפֿליאַסקען.
אומל(י)אַפּען — טרוו. ־פּע אום, ~געל(י)
אַפּעט. 1. כּסדר אומגעראָטן פֿאַרגיסן, אויסגיסן.

א, די פּאַמויניצע אַרום די ווענט. 2.
אַרומשמירן, אויסשמירן. א, די וואַנט מיט וואַפּנע.
3. במקום־ווערב פֿאַר כּסדר פּלאַפּלען, פּטרן
צײַט. א, מיאוסע רכילות אויף אַ חבֿרטע.
4. במקום־ווערב פֿאַר פּאַטשן פֿון אַלע זײַטן.

א, יענעם דעם טרייפֿענעם פּיסק. ־עכ[illegible]ן.
־עניש.
אומל(י)אַקעווען — דזוו אומלאַקירן ←.
אומל(י)אַרעמען — אוטוו. ל(י)אַרעם אום,
~געל(י)אַרעמט. 1. האַלטן כּסדר אין טומלען.
די קינדער ליאַרעמען אום אין הויף. 2. מאַכן
אויפֿגעבלאָזענעם רושם (אַ לענגערע צײַט).
,,ס'טרעפֿט זיך, אַ פּוסטער ראָמאַן ליאַרעמט אום
איבער דער וועלט,,.
אומליב — אַדי. ניט־ליב, וואָס עס איז ניט צום
האַרצן. ,,מײַן א'ער מחותּן", פּב. ,,ווי שווער
און ווי א, דעם ייִדישן ייִנגל איז...צו זיצן
בײַנאַכט בײַם חלבֿענעם גראָשנדיקן ליכטל", וויִפּאָל,
46 1885, No. ,,לעבן זיי [די ייִדישע טעכטער] מיטן
גוף אין דער ייִדישער שטוב, מיט דער נשמה אין
דער פֿרעמדער...וועלט, זענען זיי אַרומגערינגלט
מיטן א'ן, ווײַל פֿאַר זיי אומפֿאַרשטענדלעכן
היימישן [שטייגע[illegible]]", פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. [illegible](אָנ)נעמען פֿאַר א, = ניט זײַן צופֿרידן.
"צי מע נעמט עס אָן פֿאַר ליב אָדער א, — קען
מען עס ניט בײַטן,,, ימ, אונדזער שול, מעקסיקע
.1948
אומליבלעך — אַדי. אומפֿרײַנדלעך, וואָס איז

ניט נשמהדיק נאָענט, ניט־האַרציק. אַן א'ער מענטש. ־קייט — באַגעגענען מיט א'.
אומליבן זיך — קזוו. ליב זיך אום, זיך ~ געליבט. זיך ליבן אַ לענגערע צײַט. „זיי ליבן זיך אום שוין אַ פּאָר יאָר און האָבן נאָך אַלץ ניט חתונה„„ רייד. ־עכ□ן. ־עניש. ־ערײַ.
אומליבנסווירדיק — אַדי. דטשמ. נר. ← אומפֿרײַנדלעך. ־יקייט.
אומליבע — די. מצ נב. נעאָל. היפּוך פֿון ליבע. פֿײַנ.
אומליבעראַליזם — דער. מצ נב. אומעכטער (דער היפּוך פֿון) ליבעראַליזם. לע, טמז, .X 19□0 12.
אומליבשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. געפֿיל אַז עס פֿעלט (עכטע) ליבשאַפֿט. זיך נעמען צו עפּעס מיט א'. זיך באַציִען מיט א, צו עמעצן. „שכמס ליבשאַפֿט צו דינהן איז אַ פֿאַרקרימטקייט פֿון זײַן [= יעקבֿס] א, צו לאהן", אפֿא, געטראַכט מיט ע□רי־טײַטש.
אומליגן — אוטוו. ליג אום, בּ י ן ~געלעגן [ה אָ בּ ווי בײַ אויסלויפֿן ←]. 1. ליגן אַ לענגערע צײַט, לענגער ווי מע דאַרף, ווי עס איז אָנגענומען. ליגן אין פֿאַרשיידענע ערטער. א,

אין בעט ביז צוועלף אַזייגער. א, אויף אַלע
קאַנאַפּקעס. 2. זײַן קראַנק אַ לענגערע צײַט
אָדער אויף פֿאַרשיידענע קראַנקייטן. ~א, צו
בעט. א, אין שפּיטאָל.
אומליגנד — אַדי. אַרכ, איצט דטשמ. נר.
אַרומיק, דערנעבנדיק. "אין דיזן (פּרק) ווערט
דר צילט וואשׂ די יהודים איז איבּר גקומן אין
טײַטש לנד, פּיהם, אונגרין, אונ, דיא אום
ליגנדי לענדר,,, ש~ר. ,,און [ז~] האָבּן זי

געאומלייגן

מאַכט פֿאַר זייע~ר אַ וויכטיקן האַנדלספּלאַץ פֿון
...
די א'ע גובערניעס,,, צעד.
אומליגנעריש — אַדי. מאַרק ווב. וואָס איז
אָן ליגן; וואָס איז ניט ווי בײַ אַ ליגנער. א'ע
נײַסן. א'ע רעקלאַמע. ־קייט.
אומליגנערן — אוטוו. ־ער אום, ~געליגנערט.
כּסדר אָדער אַ לענגערע צײַט זאָגן ליגנס. א,
און פֿאַרמיאוסט ווערן אין לײַטנס אויגן.
אומלידלען — אוטוו. ־דל אום, ~געלידלט.
כּסדר, אַ לענגערע צײַט זינגען לידלעך (איר

בײַטעם). א, בײז חלשות.
אומליובען זיך — קזוו. ־בע זיך אום, זיך
~געליובעט. אומלאַשטשען זיך, אומצערטלען
זיך. א, זיך ווי ערשט פֿון אונטער דער חופּה.
־עניש.
או'מליטעראַ'ט — דער, ־ן. ווער עס איז אַ
שוואַכער, שלעכטער אָדער גאָרניט קיין
ליטעראַט. „דאָס ווערק פֿון דעם א'“, בצג, טמז,
27 □ 3 □ 19 III.
אומליטעראַריש — אַדי. 1. ניט־גענוג
ליטעראַריש, ניט־גענוג קינסטלעריש. א'ע שרײַבעכצן.
2. וואָס איז ניט אינעם אײַנגעשטעלטן
ליטעראַרישן נוסח. „איך האָב זיך אָפּגעשטעלט
אויף די...א'ע פֿאָרמען פֿון שלום־עליכמס
ראָמאַנען“, שנ, ווענן יודישע שרײַבער I ־קייט
.
— „די ייִדישע ליטעראַטור אויף ענגליש...
לײַדט פֿון...א', דה אַז גאָר אַ סך...פֿאַרמאָגט
אַ קליינעם ליטעראַרישן ווערט“, בצג, טמז,
25 2 □ 19 XI.
אומלײַבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז ניט
צום (אויס)לײַען. „די ביכער פֿון דער פּאָליצע
זײַנען א',,, רייד.
אומלייג — דער, ־ן. אַקט פֿון אומלייגן. אַ

גיכער א'. אויך דזוו אומלייגונג ←.

אומלייגונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומלייגן. 2. דאָס וואָס מע לייגט אַרום (פּאַפּיר, שטרוי אע אַרום צעבּרעכלעכע זאַכן בײַם פּאַקן אָדער וואַטע, מאַרלע אע אַרום אַ וואונד). אַן א, פֿון זײַדפּאַפּיר אַרום פּאָרצעלײַ, אַדום גלאָזוואַרג. בײַטן די א, איין מאָל אין מעת־לעת.

אומלייגן — טרוו. לייג אום, ~געלייגט.

1. אַרומלייגן. א, די קראַנקע מיט וואַרעמע קאָלדרעס. א, דאָס גלאָזוואַרג מיט פּאַפּיר, שטרוי.

2. איבּערלייגן. א, די בּיכער אויף די פּאָליצעס. א, די קאָרטן, ווען דער פּאַסיאַנס קומט ניט אַרויס.

3. אַראָפּלייגן, אומוואַרפֿן, אײַנלייגן. א אַ

,

וואַנט. דער ווינט לייגט אום די גראָזן. א, די פֿיר ווענט (גאַליציע) = מאַכן אַ סך טומל, וואָיעווען (געווינלעך וועגן קינדע).

4. איבּערדרייען, אומדרייען. א, דעם טיש מיט די פֿיסלעך אַרויף. א אַ קאַסטן.

,

5. לייגן אין אַ זײַט, בּײַטן די פּאָזיציע. א,

דאָס קינד אויף דער אַנדערער זײַט. „האָזן... האָבן אומגעלייגט די אויפֿגעשטעלטע אויערן און איבערגעשראָקענע זיך אַוועקגעלאָזט איבער די פֿעלדער“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.

אומלײַדיק

6. אַרומבינדן, איבערבײַטן, איבערבינדן. א, אַ וואונד. א, דעם באַנדאַזש. א, די וויִנדעלעך.
7. אַנידערוואַרפֿן, בײַקומען. א, בײַ אַ געראַנגל.
□.א, אויף קאַלט = דערהרגענען. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער, ־ערין, ספּעצ בב 1, 3, 6, 7.

אומלײַדיק — אַדי. וואָס קען ניט פֿאַרטראָגן קיין לײַדן. אומגעדולדיק, זן. אוצר השרשים, ה"א, באַרדיטשעוו 1891.

אומלײַדלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט (איז שווער צו) פֿאַרלײַדן. א'ע ווייטיקן. „דאז חמימות פֿון דער זונן, אים סוף פֿון זומיר איז און ליידליכר מין אַלשׂ מיטן אים זומיר“, צוכט. ־קייט.

אומלײַדן — אַקוזוו. לײַד אום, ~געליטן. לײַדן אַ לענגערע צײַט אָדער פֿאַרשיידענע צרות. א, צרות אויפֿן פּוד. „וויפֿל איך האָב עס אומגעליטן פֿון די געסט אין דער איינער וואָך“, רייד.

אומלײַדנשאַפֿט — די, ־ן. היפּוך פֿון לײַדנשאַפֿט. רואיקייט. געזעצטקייט. באַטראַכטקייט. „זײַן לײַדנשאַפֿטלעך צו א'“, טמז, 1 XII 1964.

אומלײַדנשאַפֿטלעך — אַדי. ניט־אײַפֿערדיק, ניט־תּאוותדיק. ריידן א', קאַלט, אָן אַ מינדסטער איבערלעבונג. ־קייט.

אומלייזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען פֿאַר (אויף) דעם קיין ענטפֿער ניט געפֿינען. ← אומבאַשיידלעך. ← אומפֿאַרענטפֿערלעך. “צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע זײַנען פֿאַרבליבן בפּירוש א'ע חלוקי־דעות”, סאָוו צ, [נש, ישפּ, 3(10)]. ־קייט.

אומלייזונג — די, ־ען. פֿאַלשע לייזונג. דאָס איז נאָר אַן א, פֿון דער אויפֿגאַבע.

אומלײַט — [אומ־ צוגעשטעלט צו מצ־פֿאָרעם לײַט] די. זעלטענער אין אצ נאָר מיט אַן. ניט קיין פֿײַנער מענטש; ווער עס איז פֿאַרדאָרבן; ווער עס איז ניט ווערט, מע זאָל זיך באַציִען צו אים ווי צו אַ מענטשן. „ממה־נפֿשך: ביסטו אַ לײַט און ער אַן א', האָסטו דאָך אים באַדאַרפֿט אַוועקוואַרפֿן, ניט ער דיך„, מ. דלונאַטש, די וועלט־מסורה, וואַרשע 1881. „אויב זיי וועלן בלײַבן אין לאַנד, קומט זיי באַהאַנדלט צו ווערן אַזוי ווי שנאָרער און א'“, נש איבז,

שד III ׀. ,,אַלע ווייסן, אַז זײַן עלטערער ברודער בומע איז אַן א', אַ ניט־געלערנטער און אַן אויסוואָרף,,, בערג, אָפּגאַנג. ,,אַ מויד אַן א', וואָס מע קריגט אַזעלכע צען פֿאַר איינער,,, מ. גראַניטשטיין.

אומלײַטזעליק — אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך (רופֿט ניט אַרויס) קיין געפֿיל פֿון ליבשאַפֿט, גנאָדיקייט אָדער רחמנות. אַן א'ע באַציאונג. זײַן א, אין יענעמס אויגן. זיך באַציִען א, אָבער דאָך דרויסנדיק קאָרעקט. ־יקייט.

אומלײַטיש — אַדי. וואָס איז ניט־לײַטיש, ניט גענוג ערלעך אָדער פּאַסיק. ,,אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל דעם...ווילדגראָז פֿון א'ן מאַמע־לשון וואָס האָט זיך אַזוי ברייט צעלייגט אין אונדזער פּרעסע,,, י. ראַפּאַפּאָרט, אויפֿן שװעל, סעפּט, 1964. ־קייט.

אומלייטן — טרוו. לייט אום, ~געלייט. איבערלייטן, אַרומלייטן. א, אַ בלעכע(ר)נעם עמער, ער זאָל ניט רינען. א, די שפּאַלטן.

אומלײַטער — ← אומלויטער.

אומלײַטערן — טרוו. לײַטער אום,

געלײַטערט. 1. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ לײַטערן; מאַכן קלאָרער; אַרומווישן. א, ווײַן. א, די
קרישטאָלענע בעכערס. 2. מאַכן פֿרײַ פֿון זינד. א, דאָס הארץ. א, דאָס פֿאָלק ישׂראל.

אומלײַכטגלייביק — אַדי. היפּוך פֿון לײַכטגלייביק. „מיר, די שווער־געפּרוּווטע, די אָפּט־אָפּגענאַרטע און דערום די א'ע„, רייד.
־יקייט.

אומלײַכטלעך — אַדי. אַרכ. ניט גאָר לײַכט, ניט־גרינג, ניט־פּשוט. „איזט דאָך ווידר אום לײַכטליך צו דענקן“, מאַרשן, לשון זהב, אַמשט תּצ„ד.

אומלײַכטן — טרוו. לײַכט אום, ~געלײַכט.
דזוו אומלויכטן ←.

אומלײַען — טרוו. לײַ אום, ~געליִען (~געליגן, פּד). 1. זיך פֿאַרנעמען מיט לײַען בײַ פֿאַרשיידענע מענטשן. אַ גאַנץ לעבן א, געלט בײַ אַלע באַקאַנטע. 2. לײַען (צו) פֿאַרשיידענע מענטשן. א, די ביכער פֿון דער אייגענער ביבליאָטעק.

אומלייענבאַר — אַדי. נר. [פּרוּוו צו פֿאַרריכטן דטש מ אומלעזבאַר].

אומליי(ע)נעוודיק — אַדי. נעאַל. 1. וואָס מע קען ניט דורכלייענען אָדער איז זייער שווער

צום לייענען. א'ער כתבֿ־יד. אַן אַלט בוך,
צעפֿליקט און צעריסן, ממש א'. 2. ניט־
קינסטלעריש און איז נודנע, וואָס איז שווער צום
לייענען ביזן סוף. אַ לאַנגער,
אומאינטערעסאַנטער, א'ער ראָמאַן. ־יקייט.
אומלייענער — דער, ־ס. נעאָל. מאַטעס
דײַטש. ווער עס לייענט ניט אָדער איז אַ
שלעכטער לייענער. פֿאַרקויפֿן אַ בוך דעם א'.
אומלייקנבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.
 . דווו.
אומלייקנדלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט לייקענען. „פֿון בעלי־חיים דאַרף מען
דערמאָנען ווי א'ע פֿרויאישע סימבאָלן לכל־הפּחות
דעם שנעק און דאָס מויערקעפּל„, מוו איבז,
פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז.
אומליישן — טרוו. לייש אום, ~געליישט.
אַרומפּוצן מיט גאָלד אָדער מיט אַנדערע
באַצירונגען רוקנס (זײַטן) פֿון אַן אײַנבוגד. א, דעם
רוקן פֿון ספֿר.
אומליכט — דאָס. מצ נב. נעאַל. (מצבֿ פֿון)
פֿעלן פֿון ליכט. „אין פֿאַרפֿלאָכטענעם וואַלדיקן
א, קוקט די לבֿנה אַרונטער סײַווי„, הל, 'מיט אַ
האַלבן און שפּיציקן פּנים', 1918. „מיט א
אַפּ,

לען שמעלצט ער אויף דײַן ברוסט,,, סוצ,
וִידישע גאַס.
אומליכטיק — אַדי. ניט־ליכטיק, טונקלדיק.
טריב און א'. „לייען ניט אין א'ן צימער“.
־יקייט.
אומלינגוויסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
דרך פֿון אַ לינגוויסט, ניט בהסכּם מיט
שפּראַךפֿאָרשונג. א'ע סבֿרות וועגן אָפּשטאַם פֿון
ווערטער. ־קייט.

או'מלעגיטי'ם

אומלינירט — אַדי. ניט־לינירט. גלאַטע א'ע
בויגנס פּאַפּיר. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומליעפּען — טרוו. ־פּע אום, ~געליעפּעט.
סל. אַרומקלעפּן. א, מיט ליים.
אומליריש — אַדי. וואָס איז ניט (געֶנוג)
ליריש. די א'ע פּראָזאַאיזמען אין דער פּאָעמע.
־קייט.
אומלעבהאַפֿטיק — אַדי וואָס איז ניט
גענוג לעבעדיק. א'ע מוזיק. ־יקייט.
או'מלעבן — דאָס. מצ נבֿ. 1. דאָס ניט־זײַן,
אומעקסיסטענץ. „איך וואַרט אויף מײַן א, פֿיל

שוין מײַן פֿלייש ניט,,, סוצ. 2. שלעכט לעבן, וואָס איז ניט ווערט געלעבט צו ווערן. ,,אַ לעבן וואָס איז לאַנגע, שווערע יאָרן געווען אַן א',,, לע, טמז, 2 XII 1962.

אום לעבן — ← אום, פּרעפּ, ב5. "זען ווי א, ל', דאָס אַלץ פֿאַרגלעטן,,, ,,וועט אײַך א, ל, ניט פֿאַרגעסן,,, בנים מעיר קטנה, מײַן ליבער גאַסט, באַרדיטשעוו 1901.

אומלעבנספֿעאיק — אַדי. וואָס האָט ניט גענוג כּוחות פֿעאיקייטן אויסצושטיין דעם קאַמף פֿאַרן לעבן (איבער נאַטירלעכע אָדער סאָציאַלע באַדינגונגען). א'ע בעלי־חיים. א'ע אָפּגעשטאַנענע שיכטן. א'ע קליינבירגער. ־יקייט.

או'מלע'בעדיק — אַדי. 1. וואָס לעבט ניט. ,,טוליען זיך א, און בענקען אויס אַ וואונדער", סוצ פֿײַערוואָגן. 2. וואָס איז ניט פֿריילעך, ניט לעבעדיק. אַן א'ע מוזיק.

או'מלעגאַ'ל — אַדי. אומגעזעצלעך, וואָס איז פֿאַרווערט פֿון געזעץ. א אַרײַנקומען אין לאַנד.

א'ער אַבאָרט. א'ער געווער־שמוגל. א, בריזל.
„סוף יאָר האָט זיך באַוויזן אין אַ בונדיסטישער
א'ער אויסגאַבע [פינסקיס] 'פאַמיליע צבֿי',,, בעמ
I. „צו האָבן מיט זיך אַליין אַ ישובֿ־הדעת וועגן
זײַן א'ער לאַגע“, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע
טעאַטער. ־ערהייט — אַדוו. „באַשולדיקט
געוואָרן אין...באַזיצן א, אַ מעסער“, טמז, 1964
IX 25. —קייט — א, פֿון אַ פֿאַרזאַמלונג, פֿון
אַן אויסגאַבע. א, פֿון דער אָפּאָזיציע.
אומלעגאַליזירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געמאַכט לעגאַל. א'ע אויסגאַבעס, שולן אע.
־קייט.
או'מלעגאַליטעט — די, ־ן. (אָפֿיציעלע)
מצבֿ פֿון זײַן אומגעזעצלעך. לעבן אין א', אָן
אַ פּאַס, אויף אַ פֿרעמדן נאָמען.
אומלעגאַליסטיש — אַדי. וואָס איז ניט
לויטן דרך פֿון אַ לעגאַליסט. „מע קען עס
דורכפֿירן א', פּשוט מיט אַ ביסל באַבאַר„, רייד.
אומלעגאַלשטשינע — די. מצ נב. סל.
1. דזוו אומלעגאַליטעט, בטעם פֿון ביטול.
„די באַוועגונג האָט זיך...דערהאַלטן...[נאָך] איר

25יאָדיקער א, אין אַרגענטינע‘‘, פֿאַש, 1959
II 1. 2. אומלעגאַלע ליטעראַטור. געפֿינען א,
בײַ אַן אָבּיסק.
או'מלעגיטי'ם — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
געזעץ, ניט לויט אַלע זײַנע פּונקטן; וואָס איז
ניט ווי עס איז אָנגענומען. א'ע מיטלען
אַרויסצוקריגן אַ דערלויבּעניש. ‘‘אַן א'ע
פֿאַרגרינגערונג פֿאַר דעם פֿאַרטיידיקער,,, ימ, ייִשפּ IX,

אומלעגיטימירט

22. א, ק י נ ד = געבּוירן אָן אָפֿיציעלער
חתונה פֿון די עלטערן. ,,אַ סך א'ע קינדער
זײַנען...געבּוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד‘‘, בּצג,
טמז, 9 IX 1963. ־קייט.
אומלעגיטימירט — אַדי. וואָס איז ניט
בּאַשטעטיקט פֿון (אָדער אײַנגעמאָלדן אין) אַ
געזעצלעך אײַנגעשטעלטער אינסטיטוציע. ־קייט.
אומלעגֿרֿערן. בּאַלאַגערןֿ אַרײַננעמען אין
— טרוו. ־ער אום, ~געלעגערט.
פּפֿ: ~ אַ .
אַ רינג, אָפּשנײַדן די אַרײַנ־ און אַרויסגאַנגען.
א, דעם קוואַרטאַל וואו עס געפֿינען זיך די
בּאַנדיטן. ,,דער המון וויל א, דאָס געריכטהויז‘‘.

אומלעזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט דורכלייענען. → אומלייענעוודיק. „פֿיל דרוקערײַען שטעלן אַרויף פֿאַרשמירטע א'ע 'לייבלס'“, סאָוו זש, [נש, ישפּ, 3 (10)]. ־קייט.

אומלענגסט — אַדוו. דטשמ. נר. שפּאַניש־אידי־שער ווב, בּ„א 1931. ערשט ניט־לאַנג (צוריק), מיט אַ קורצער צײַט צוריק.

אומלעסטערן — טרוו. ־ער אום, ~ געלעסטערט. כסדר, אַ לענגערע צײַט לעסטערן, מחלל זײַן, בּאַליידיקן געפֿילן בּנוגע אַ הייליקייט. א, די הייליקע תּורה.

אומלעקישן — אוטוו. ־יש אום, ~געלעקישט. זיך אויפֿפֿירן אַ לענגערע צײַט נאַריש, מאַכן אַן אָנשטעל פֿון זײַן נאַריש. „אַ דערוואַקסענער מענטש און לעקישט אום ווי אַ קינד„, רייד.

אומלעקן — טרוו. לעק אום, ~געלעקט. לעקן פֿון אַלע זײַטן, אַרומלעקן. א אַ טעלער און ניט לאָזן קיין פּיצעלע. א, ווי אַ הונט אַ ביין. מיט ז י ך — 1. רעפֿל; 2. קזוו — (גראָבּ), קושן זיך. ־עניש.

אומלעקסיקאָניש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך פֿון (וואָס ס'פּאַסט ניט פֿאַר) אַ לעקסיקאָן. „אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן האָט

זיך אין אַבֿרהם רייזענס בּיִאָגראַפֿיע
אַרײַנגעכאַפּט אַן א'ער פֿאָרוואורף“, יג, תּוך.
אומלערנען — טרוו. לערן אום, ~געלערנט.
1. לערנען פֿונדאָסנײַ (אויף אַן אַנדער אופֿן).
„ער איז געבֿליבּן אַ פּאַרטאַטש, ער דאַרף א,
די גאַנצע מלאָכה„, פּבֿ. 2. איבֿערחזרן.
איבֿערזאָגן. „האָט פֿאַר דעם פֿאָטער זײַן לערנן
אום גילערנט“, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית
י□ראל ו□ית הבּחירה, אַמשט 1724.
אומלעשבֿאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו. „אַ
קוק געטאָן אויף אים מיט פֿײַכטע אויגן, און אַ
נײַע פֿרייד און פֿאַרוואונדערונג האָט דאָרט א,
געהעלט“, ש. גאָדינער [נש, ישפּ, 3 (10)].
אומלעש□יק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (לאָזט זיך) ניט לעשן; אָפּלעשן. אויסלעשן.
א'ע שׂריפֿה. א'ע ליבּע. ־(י)קייט.
אומלעשן — טרוו. לעש אום, ~געלאָשן.
1. ווידער פֿונדאָסנײַ בּאַגיסן מיט וואַסער. א, די
קאַלכשטיינער. א, די האָלאָוועשקעס. 2. ווידער
ניצן לעשפּאַפּיר. א, דעם פֿאַרגאָסענעם טינט.
אומלצעווען — [...לעצ...] אוטוו. לצעווע אום,
~געלצעוועט. אַ לענגערע צײַט טרײַבּן לצנות,
אָפּלאַכן. א, פֿון דער גאַנצער וועלט.
אומלקהענען — [...לאַ'קכענען] טרוו. לקחן

(לקחע) אום, ~געלקחנט (~געלקחעט). ←
אומלאַטכענען.
או'ממאָבי'ל — אַדי. אומבאַוועגלעך.
אַרויפֿלייגן שינעס אויף אַ צעבראָכענעם פּוס, מאַכן
אים א'. —יטע'ט. ־קייט.
אוממאַגנעטיזירט — אַדי. וואָס האָט ניט
באַקומען מאַגנעטישע אייגנשאַפֿטן. א'ער
מעטאַל.
אוממאַגנעטיש — אַדי. 1. ניט־מאַגנעטיש.
מאַגנעטישע און א'ע פֿעלדער. 2. ניט־
צוציִענדיק. אַן א'ע פערזענלעכקייט. ־קייט.
אוממאָדולירן — טרוו. ־ליר אוס, ~
מאָדולירט. (וועגן מוזיק) איבערפֿורעמען;
איבערשטעלן. א, די שטים. א, די איבערגאַנגען פֿון
איין מאָטיוו צו אַ צווייטן.
אוממאָדיפֿיצירט — אַדי. 1. ניט־
מאָדיפֿיצירט; וואָס איז געבליבן ווי געווען, אָן שום
שינוי פֿריִערדיקע א'ע פלענער. 2.
איבערמאָ.
דיפֿיצירט, איבערגעביטן אויף אַ געוויסן אופֿן.
ניַיע א'ע פלענער. ־קייט.

󰀀

אומְמאָדיסיצירן — טרוו. ־ציר אום, ~
מאָדיפֿיצירט. איבערבײַטן אויף אַ געוו󰀀סן (אָבער ניט־גרונטיקן) אופֿן. א, אַ פּלאַן, אַ לענגערע פֿאָרמולירונג, אַ פּאָר פּונקטן פֿון אַ קאָנטראַקט.
אומְמאָדיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט דער מאָדע. א'ע היטעלעך. ־קייט.
אומְמאָדע — די, ־ס. 1. דאָס וואָס איז ניט אין דער מאָדע. זיך האַלטן בײַ דער א'. 2. ווילדע, נאַרישע מאָדע. „זע די פֿריזור! סאַראַ א'!„
אומְמאָדעלירן — טרוו. ־ליר אום, ~
מאָדעלירט. (בײַם שאַפֿן אַ מאָדעל) איבערפֿורעמען, איבערקלעפּן, איבערשטעלן, איבערגיסן. א, אַ נאָדמאַנען־שיף לויט אַ פּינקטלעכער באַשרײַבונג.
או'מְמאָדע'רן — אַדי. ניט־מאָדערן. א'ע בילדער. א'ער אופֿן שרײַבן. א'ע דירה, אָן צענטראַלער באַהייצונג. ־קייט — א, פֿון סטיל.
אומְמאָדעתיזירט — אַדי. ניט־געמאַכט מאָדערן. א'ע לאַנדווירטשאַפֿט.
אומְמאָטיווירט — אַדי. וואָס איז אָן אַ גרונד פֿאַר דעם, וואָס איז אָן אַ באַגרינדונג,

וואָס איז אָן אינעווייניקסטער לאָגיק, סתּם אַזוי. א'ער פֿאָרשלאָג. אומגעריכטער, א'ער סוף פֿון ראָמאַן. „אַלע די אויסגעצייילטע פֿעלערן: די קינסטלעכקייט פֿון דער שפּראַך, די א'ע

סצענעס“, בעמ וI. „באַזירט אויף דעם א'ן באַגער אַרויסצוריידן ייִדישע ווערטער וואָס שטאַמען פֿון העברעאיש ווי די דאָזיקע ווערטער ווערן

אַרויסגערעדט אין העברעאיש“, ייִשפּ II X, 1.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אוממאַטעמאַטיש — אדי. וואָס איז ניט לויט די מעטאָדן, לויט דער סיסטעם פֿון מאַטעמאַטיק. אַן א'ער כּמו־באַווײַז. ־קייט.

או'ממאַטערי'אַל — דער, ־ן. אומפּאַסיקער, שלעכטער מאַטעריאַל. ניט קענען עפּעס טאָן מיט אַזאַ א..

או'ממאַטעריאַליטע'ט — די. מצ נבֿ. ניטחומרדיקייט; ניט־מאַטעריעלקייט. א, פֿון ווײַטע ספּעקולאַציעס.

אום אַכן

או'ממאַטעריאַלי'סטיש — אַדי. 1. ניטמאַטער אַליסטיש; אידעאַליסטיש. א'ע פֿילאָסאָי

פֿיע. 2. וואָס איז אָן אייגננוץ, אָן פּראַקטישן
נוצן בּכלל. אַרבּעטן לשמה, א'. —קייט.
או'ממאַטעריע'ל — אַדי. 1. ניט־
קערפּערלעך, ניט־חומרדיק; ניט־מאַטעריעל. די א'ע
וועלט. א'ע ווירקונגען. „גאָטס זײַן א'„, דווקא,
46 No־47. 2. וואָס איז ניט צוליבֿ מאַטעריעלע,
עקאָנאַמישע, פּראַקטישע מאָטיוון. א'ע כּוונות.
־קייט.
אוממאַטעריעלישקייט — די (דאָס), ־ן.
דזוו אוממאַטעריאַליטעט. „די אַבּסאָלוטע
אומקערפּערלעכקייט פֿון גאָט — כ'בּאַטאָן
אומקערפּערלעכקייט, ניט צו פֿאַרטוישן מיט א'„,
ליבּמאַן הערש, 1944. [די פֿאָרעם מיט ־יש אַן
אומנייטיקע, בּעסער אוממאַטעריעלקייט.]
אוממאַטערן — טרוו. ־ער אום, ~געמאַטערט.
אַ לענגערע צײַט (אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים)
מאַטערן, געבּן שווערע אַרבּעט. א, די שקלאַפֿן.
א, די תּלמידים. מיט ז י ך — א, זיך און קיין
זאַך ניט דערגרייכן. א, זיך אַ לעבּן לאַנג.
אוממאַיעסטעטיש — אַדי. וואָס איז ניט
לויט דעם דרך פֿון אַ מאַיעסטעט. זיך אויפֿפֿירן
פּשוט, א'. א'ער גאַנג. מיט אַ קרוין אויפֿן קאָפּ,
אבּער מיט א'ער אויפֿפֿירונג ־קייט.

אוממאַכט — די. מצ נבֿ. 1. אַבּסאָלוטע שוואַכקייט; דאָס ניט־האָבן קיין שום כּוח. "מײַן א, שרײַט פֿון מיר אַרויס", הל, אין טרעבּלינקע.... 2. דאָס ניט־האָבן גענוג כּוח. „פֿון אינעווייניק פֿוילע א'", לע, טמז, 18 IX 1963. "כ'האָבּ קיינמאָל נישט געפֿילט אַזוי מײַן ליטעראַרישע א, ווי ווען איך האָבּ אָבּסערווירט דעם ים", בּאַש, 'אַ שיף קיין אַמעריקע'.
3. חלשות פֿאַלן אין א'. "דר מן פֿאַלט אין . ... אונמאַכט אונ, ער לאג צווישן דען טוט אונ, דשׂ לעבּן", יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. "די היץ פֿאַרשלאַפֿט אונ קאָן בּרענגען א, (חלשות)", מלכּה בּערלאנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. „איך פֿאַל אויפֿן פּנים און חלש. איך ווייס ניט ווי לאַנג מײַן א, איז געווען„, אַל II.
אוממאַכטיק — אדי. ← דפֿוו. 1. „מיט אים, מיטן א'ן עם ישׂראל, איז גאָט זיכער„, הל, צוק, 1955. 2. ספֿר החן הזא חנוך נערים, ווילנע 1868 פֿאַרטײַטשט 'בּניך עלפֿו, (ישעיה, נא, 20) — א, [תּי: "געחלשט„]. ־יקייט — „אין דעם ריקוד... איז געווען אַ מין השתפּכות־הנפֿש, בּיז פֿאַרגעסונג און א',„ בּ. רעמלער, טמז, 1964

.I 22

אוממאַכן — טרוו. דטשמ. מאַך אום, ~ געמאַכט. איבערמאַכן. פֿאַרריכטן. רעווידירן. א,

—

וואָס איז שלעכט אויסגעמײַסטרעוועט. „מיר וועלן די וועלט שוין ניט א'“, אמד, די אידען אין וואַרשוי, ווילנע 1869. „[ער] האָט מיט די צונג איבערגעקערט די וועלט, אומגעמאַכט די גאַנצע מענטשהייט“, ייִפֿאָל, 43 l887, No. „מאַכן זיי דען אום דעם דעקרעט, אַנדערש וועט דאָך שוין ניט ווערן“, ילג, יחת־חולין, וואַרשע 1889. ‟דער טײַערער פֿרילינג, ער איז איצט געקומען און האָט שוין די געגנט גאַנץ שנעל אומגעמאַכט„, וויליאַם קאַיזער [מינפּי III, נ„י 1956].

אוממאָלן

אוממאָלן — טרוו. מאָל אום, ~געמאָלט (אויך זן: ~געמאָלן). 1. איבערמאָלן, איבערפֿאַרבן, איבערמאַליעווען. א, די ווענט, דעם סופּיט אאַזוו. 2. סתּם צייכענען, שאַפֿן קאָנטורן אַ לענגערע צײַט. א, אין קינדערגאָרטן עטלעכע בויגנס פּאַפּיר. 3. אַרוממאָלן, א, די קאַרניזן, די ווינקלען.

או'ממאָ'לעריש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
ווי בײַ (ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַ מאָלער.
פֿאַרענדיקן אַ בילד א'. 2. וואָס איז ניט (
גענוג) קינסטלעריש, וואָס מאַכט ניט קיין (גענוג)
עסטעטישן אײַנדרוק. שילדערן עפּעס א'.
 קייט.
אוממאַלפּעווען — אוטוו. ־פּעווע אום, ~
געמאַלפּעוועט. כסדר נאָכמאַכן תּנועות פֿון (ווי)
אַ מאַלפּע; נאָכקרימען. פּראַווען נאַרישע קונצן,
שטוקעס. די קינדער מאַלפּעווען אום אין קלאַס.
או'ממאָנאָטאָ'ן — אַדי. היפּוך פֿון מאָנאָטאָן.
וואָס איז ניט איינטאָניק. אַן א, קלאַפּן אין
פּויק. ווערן לעבעדיקער און אָנהייבן ריידן א'.
־קייט.
אוממאָנאַרכיש — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ
מאָנאַרך, אָן אַן אַליינהערשער. אַן א'ער
מלוכהרעזשים. 2. וואָס איז ניט לויט דעם דרך פֿון
אַ מאָנאַרך. אַן א אַנטקעגנקומען דעם ווילן פֿון

,

פֿאָלק. ־קייט.
אוממאָנטירן — טרוו. ־טיר אום, ~(גע)
מאָנטירט. (וועגן אַ מאַשין) פֿאַרריכטן פֿונדאָסנײַ;
איבערשטעלן אַ מעכאַנישע אינסטאַלירונג. א,
די צענטראַלע באַהייצונג. ־ונג.

אוממאַניפּולירן — אוטוו & טרוו. ־ליר אום,
~מאַניפּולירט. איבערקאָמבינירן;
איבערשטעלן. א, (מיט) די אַרמיי־אָפּטיילונגען. ־ונג.
אוממאַנירלעך — אַדי. וואָס איז אָן גוטע
מאַנירן. זיך אויפֿפֿירן א'. „וויטער שטאַמלט
מומר...און, שרייַבט און מאַנירליכה קללות דיא
מיר דען נוצרים ה"ו גיבן", אליעזר זוסמן
רודלמום [איבז], יודשר טרייאק, אַמשט 1737.
־קייט — א, פֿון אַ פּויער. "נישט געקוקט
אויף דער א„ וואָס האָט געהערשט אין...„, טמז,
.IX 19□4 14
אוממאַניש — אַדי. וואָס פּאַסט ניט פֿאַר אַ
מאַן. „ער מיינט אַז וואַשן ס'געשיר איז א'",
רייד.
אוממאַנעווירן — אוטוו & טרוו. ־ריר אום,
~(גע)מאַנעווירט. אומלאַווירן,
אוממאַניפּולירן. א, (מיט) עפּעס צווישן צוויי פֿײַערן.
אוממאַנצביל — דער ־ן (אויך: ~מאַנצבלען).
פּפֿ: ~מאַנסביל. מאַן וואָס קען ניט
דורכפֿירן מאַנצבילשע פֿונקציעס. ווער ס'איז
ניטגענוג מאַנצבילש אַנטוויקלט. „די אַלע דינער
וואָס ווערן צו זיי געבראַכט, האָט מען זיי
פֿריִער פֿאַר א'ן געמאַכט", צונ.
אוממאַנצבילש — אַדי. פּפֿ: ~מאַנסבילש.

וואָס איז ניט ווי בײַ (מע ריכט זיך פֿון) אַ מאַנצביל. אַן א, פּוצן זיך. ־קייט.
אוממאָס — די, ־ן. שלעכטע מאָס. מעסטו מיט אַן א,.
אוממאָסיק — אַדי. נעאָל. צו פֿאַרבײַטן אוממעסיק ←. ־יקייט.

6()2

אוממאַסקירט — אַדי. 1. פּאַר אוממאַסקירן, ← דוווו. 2. [מיט אַ צוגאָב־אַקצענט אויף אַ] ניט־מאַסקירט פֿילע געסט זענען געקומען
— .
מאַסקירט פֿילע א'", אַמד, וויגדערקע דער
,
שטראַז אינגעל, ווילנע 1872.
אוממאַסקירן — טרוו. ־קיר אום, ~(גע)־ מאַסקירט. 1. אַרוממאַסקירן; פֿאַרשטעלן פֿון אַלע זײַטן. א, אַ מיליטערישן אָביעקט. 2. איבערמאַסקירן. אָנטאָן אַן אַנדער מאַסקע. א, עטלעכע קינדער צום פּורים־פּאַראַד.
או'ממאַקסימאַ'ל — אַדי. וואָס איז ניטמאַקסימאַל (אָבער אויך ניט מינימאַל). די א'ע פֿאָדערונגען פֿון אונדזערע כלומרשטע

מאַקסימאַליסטן ־קייט.

.

או'מમאָראַ'ל — די. מצ נבֿ. שלעכטע
מאָראַל; זינדיקייט פֿאַרדאָרבנקייט. די א, פֿון
פֿאַר,
בֿרעכערס. א, פֿון וואַקכאַנאַליעס. אויך אַדי —
← אוממאָראַל(יש).
או'מમאָראַליטע'ט — די, ־ן. 1. ← דפֿוו.
2. פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אוממאָראַל(יש).
אוממאָראַל(יש)קייט. „ערשטער קאַפּיטל. מאָראַליטעט
און א'", דר, לעאָנאַרד לאַנדעס, די
אויסגעלאַסענע וועלט, נ"י [יאָר?].
אוממאָראַליסטיש — אַדי. וואָס איז קעגן
דעם אײַנשטעל פֿון אַ מאָראַליסט. א'ע השקפֿות.
־קייט.
אוממאָראַל(יש) — אַדי. [אָפּגעבֿן די בֿכורה
דער פֿאָרעם מיט ־יש]. היפּוך פֿון מאָראַל(יש).
א'ע מענטשן. א'ע געזעלשאַפֿט. א'ע מעשׂים.
א'ע אויפֿפֿירונג. „די מאָראַל ערווײַזט זיך
מוראדיק א, בײַ די איצטיקע געזעלשאַפֿטלעכע
פֿאַרהעלטענישן", קלאַראַ צעטקין, די
אַרבײַטערינען און פֿרויענפֿראַגע אין דער געגנוואַרט,
[איבֿז],
לאָנדאָן 1902. ־קייט — „די אידייע אַז עס

זײַנען פֿאַראַן בעסערע פֿעלקער און ערגערע פֿעלקער, איז אַ פֿילאָסאָפֿיע פֿון שׂנאה פֿון
,
אוממענטשלעכקייט און א'", מענעס, פֿאָר, 1963 9 III.

אוממאָרדעווען זיך — אוטוו. ־דעווע זיך אום, זיך ~געמאָרדעוועט. אַ לענגערע צײַט האָרעווען שווער. א, זיך בײַ אַ קאַטאָרזשנער אַרבעט.

אוממאַרודען, ־דזיען, ־דזשען — אוטוו. ־דע, ־דזיע, ־דזשע אום, ~געמאַרודעט, אאַזוו. פּטרן אַ סך צײַט דורך גאָרניט טאָן אָדער טאָן עפּעס זייער פּאַמעלעך. א, בײַ דער אַרבעט.

אוממאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אום, זיך ~געמאָרעט. צערן זיך אַ לענגערע צײַט. א, זיך פֿאַרן פּריזיוו, בלײַבן הויט און ביין. ־עניש.

אוממאַרקירט — אַדי. ניט־אָנגעצייכנט; ניטבאַצייכנט; וואָס איז אָן אַ געמאַכטן סימן. א'ע גרענעצן. א'ע פּרײַזן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או — רקירן — טרוו. ־קיר אום, ~(גע) מאַרקירט. 1. אַ לענגערע צײַט מאַרקירן, מאַכן סימנים. א, קלעצער. 2. איבערמאַרקירן,

איבערבײַטן סימנים, צייכנס. א, די פּרײַזן.
או — רקסיסטיש — אַדי. וואָס איז ניט
בּהסכּם מיט קאַרל מאַרקס, שיטה. אַן א'ער

אוממוטיק

אופֿן דענקען אָדער אויסטײַטשן אַ דערשײַנונג.
־קייט.
אוממאַרשירן — אוטוו. ־שיר אום, ~(גע)־
מאַרשירט. מאַרשירן אַ לענגערע צײַט. א,
איבער די גאַסן.
אוממאַשענעווען — אוטוו. ־נעווע אום, ~
געמאַשענעוועט. סל. כּסדר, אַ לענגערע צײַט זיך
פֿאַרנעמען מיט שווינדל. א, און סוף־כּל־סוף
מיאוס אַרײַנפֿאַלן.
אוממבּולען — [...מאַבּלען] אוטוו. מבּול אום,
~געמבּולט. בּמקום־ווערבּ פֿאַר אומשעלטן,
כּסדר גיסן אַ שטראָם זידלערײַען.

-

אוממבּוזהדיק — [...מעוואו'זע...] אַדי.
ניטאומווערדיק, וואָס דערנידעריקט ניט, וואָס
פֿאַרשאַפֿט ניט קיין אומכּבֿוד. יעדע אַרבּעט איז

א'. אויך: ~מכזהדיק [...מעוואַ'זע...].

▯

אוממבינות — [...מעווינעס] די (דאָס), ־ן. מיינונג אָדער אייגנשאַפֿט פֿון ניט קיין מומחה, ניט קיין זאַכקענער. זיך אַרויסשטעלן פֿאַר אַ קונסטקענער און תּיכּף אַרויסווײַזן א'. "שווער צו פֿאַרטראָגן א'ן, אַרויסגעזאָגטע מיט אַ זיכערקייט פֿון אַ פֿאַכמאַן". ־דיק — אַדי.

אוממגושמדיק — [...מעגו'שעמ...] אַדי. וואָס איז ניט־אומגעלומפּערט (אָבער ווײַט פֿון גראַציעז, פֿון אַ שיינער פֿאָרעם). די איינציקע א'ע פֿיגור. ־יקייט.

אוממגידיש — [...מאַגידיש] אַדי. וואָס איז ניט אויף אַ מגידישן אופֿן. א'ע דרשה. ־קייט.

אוממהודרדיק — [...מעהו'דער...] אַדי. וואָס איז ניט צו גוט, ניט פֿאַרפֿײַנערט, ניט פֿון בעסטער קוואַליטעט. „געבליבן זײַנען נאָר די א'ע אתרוגים". רייד.

אוממוזיקאַליש — אַדי. ניט־מוזיקאַליש, אוממעלאָדיש, אומהאַרמאָניש. א'ע שורות. א'ע שטים. ־קייט.

אוממוט — דער. מצ נב. 1. היפּוך פֿון מוט; פּחד, שרעק. אַ צושטאַנד פֿון געפֿאַלנקייט און

א'. ,,דער פֿיל פֿעלדר דינגין טוט ברענגט אים
זעלבשׂט גרושׂן אום מוט, דיא אַרבייט איז אים
צו שווער, דיא פֿעלדר בלײַבן לער‘‘, צוכט.
פֿאַרוואָס איז זי אַזוי פֿאַרטראַכט, מיט א, דאָ
— ,,
פֿאַרצויגן? פֿאַרוואָס איז זי אַזוי פֿאַרשמאַכט מיט
אויסדרוקלאָזע אויגן?‘‘ ש. ז. רובין [מינפּי III,
נ,,י 1956]. 2. אַרכ [אַלטער אויסלייג: אונמוט].
אומעט. ,,בבֿא הט גרושׂן אונמוט דרום, אויף
זײַנם הערצן ביגונד עשׂ אים צו שווערן‘‘,
בבֿאבוך, 623. ,,דען גנצן טאָג אונ, מוט אונ,
טרויאריקייט די נכט ווכטן מיר מיט גרושׂם שמערצן,,,
ווינץ. ,,אם ורײַטאג שפּאָט [= שפּעט] ניט טון
צו מער, קיין אונ, מוט זוילשׂטו טראָגן, העלשׂטו
[= האַלטסטו] דען שבת, אַלז דו זוילשׂט‘‘, כּ‘‘י,
'בנימינס קלענערע שבת־ליד', באַלד נאָך של‘‘ד
[ביר, ייִבֿל XIII, 1־2].
אוממוטוויליק — אַדי. וואָס איז אָן אַ בייזער
כּוונה. אָפּטאָן עפּעס שלעכט. ־יקייט.
אוממוטיק — אַדי. ← אוממוט. ← אומעטיק.
1. ,,אַך קום צוריק אין ברוסט אין מײַן א'ער
און ווידערשפּעניק מיך אויפֿסנײַ און בלוטיק
מיך, אָ אָרעם האַרץ‘‘, סעג, לירישע לידער. ,,מײַן
טרײַ געוויסן, זײַ ניט א'‘‘, ד, הילל ליכטנשטיין,

עת לעזות II, תרל״ב. 2. „ער וואַר זער פֿיר
הונגר אונמוטיג“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.
„אַז זײַנין זי אונ, מוטיג אונ, בגערין ניט צו
עסין אונ, ניט צו טרינקין„, סור, כח. ־יקייט
— „דאַרום מוז ער מער כּוונה האבן אין
זײַנר תּפֿילה פֿון וועגן זײַן מעשׂים אונ פֿון
וועגן זײַן אונמוטיקייט“, לט1, כה/ב. „איז
אים געראָטן מיט זײַן רעדנסקראַפֿט צו
פֿאַריאָגן פֿון איר די א', אין איר אײַנצופֿלעסן
מוט און האָפֿענונג“, איבז פֿון הנ״ץ, שולמית,
לובלין 1894.
אוממוטל־בספֿקדיק — [...מוטל־בעסאָ'פֿעק...]
אַדי. וואָס אין דעם קען קיין ספֿק ניט זײַן,
אָנספֿקדיק. א'ע באַשטעטיקונג. א'ער באַווײַז.
או'ממו'טערלעך — אַדי. וואָס איז ניט ווי
בײַ אַ מוטער. זיך באַציִען א, צו אַן אייגן קינד.
א'ע גלײַכגילטיקייט. ״דא הוב זיך אַן איין
גרושׂר מורט, זי וואַרן זי גאַר און מוטרליך
אויף וויקן„, בבא־בוך, 598. ־קייט.
אוממוטשען — טרוו. ־טשע אום, ~
געמוטשעט. אַ לענגערע צײַט (אויף פֿאַרשיידענע

אופֿנים) מוטשען, פּײַניקן, (אָנ)מאַטערן. "הער שוין אויף אומצומוטשען דאָס קינד", רייד.

אוממוטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

אוממאַטערן זיך אַ לענגערע צײַט (אין פֿאַרשיידענע ערטער). שווער האָרעווען אָדער (און) איבערלעבן לײַדן. א, זיך פֿריִער אין דער אַלטער היים און דערנאָך אין אַמעריקע. ־עניש.

אוממויערן — טרוו. ־ער אום, ~געמויערט. 1. אַרוממויערן. א, די שטאָט. 2. איבערמויערן. א, די וואַנט וואָס צעפֿאַלט זיך.

אוממומהדיק — [...מו'מכע..] אַדי. אומפֿאַכמעניש, אומקאָמפּעטענט; אומספּעציאַליזירט. אַרויסגעבן אַן אַלטן מאַנוסקריפּט א', מיט גרײַזן און פֿאַלשע אויסטײַטשונגען. ־יקייט.

אוממונדירעווען — טרוו. ־רעווע אום, ~ מונדירעוועט. אויסשטאַטן אין אַנדערע מונדירן. א, די קעלנערינס.

אוממוסן — אוטוו. מוף אום, ~געמופֿט. אַמ. אָפֿט איבערקלײַבן זיך (אין פֿאַרשיידענע ערטער). א, פֿון געגנט צו געגנט.

אוממוקען — אוטוו. ־קע אום, ~געמוקעט. אַ

לענגערע צײַט אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מר־מו. א, ווי אַ קו וואָס מע נעמט צו פֿון איר דאָס קעלבל. ־עכ ן. ־עניש.
אוממורמלען — טרוו. ־מל אום, ~געמורמלט. אַ לענגערע צײַט כסדר שטיל און אומקלאָר עפּעס אַרויסזאָגן. א, עפּעס אונטער דער נאָז. א אַז מע זאָל גאָרניט קענען פֿאַרשטיין.

,
־עניש.
אוממושטירן — טרוו. ־טיר אום, ~(גע) מושטירט. 1. אַ לענגערע צײַט מושטירן. א, די זעלנערס און זיי אויסמאַטערן. 2. איבערמושטירן. „דער נײַער פֿעלדפֿעבל מושטירט אום די ראָטע“.
א זיקן — [...מאַזיקן] אוטוו. מזיק אום, ~געמזיקט. אַ לענגערע צײַט, כסדר ברעכן, אָנמאַכן שאָדן, זיך וואַרפֿן שלאָגן. א, ביז מע ווערט אַליין אָנגעמזיקט און צעניזוקט.
אוממזל — אַדי. אַרכ. אוממזלדיק. ← דווו.

6()3

„עשׂ איין און דר בארמליכי זאַך איז, דשׂ בלוט פֿון זעלכי אונאזלי קינדר צו פֿר גיסן“, שאַר,

קמא.

אוממזל — [...מאַז] דער (דאָס). מצ נבֿ. שלעכט(ער) מזל. „אָנגעוויזן אויף דעם א, וואָס ייִדיש...האָט אין דער אויסגאַבֿע“, לע, טמז, 11 1958 I. ־דיק — אַדי.

-

אוממהויבֿדיק — [...מעכו'יעוו...] אַדי. וואָס איז ניט פֿאַרפֿליכט (עפּעס צו טאָן). א'ער גוטזאָגער. ־יקייט.

אוממהמדאַניש — [...מאַכמעד...] אַדי. פּפֿ: ~מוהמדאַניש. וואָס איז ניט לויטו שטייגער פֿון מ(ו)חמדאַנער. דאָס א'ע טרינקען ווײַן.

אוממיאוסן זיך — [...מיִעסן] אוטוו. מיאוס זיך אום, זיך ~געמיאוסט. אַ לענגערע צײַט זיך מיאוסן, האָבֿן אַ געפֿיל פֿון עקל און עס אַרויסווײַזן. א, זיך צו עסן ניט־כּשרס. א, זיך צו שלאָפֿן אויף אַן אומריינעם געלעגער.

אוממיאַוקען — אוטוו. ־קע אום, ~געמ
אַוי
קעט. אַ לענגערע צײַט אַרויסבֿרענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מיאַו־מיאַו. די קעץ מיאַוקען אום אויף די דעכער. ־עכץ. ־עניש.

אוממיגלעך — אַדי. [די פֿאָרעם מיט י

פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לד, אין אַ צאָל אוקר.]
1. וואָס (מע) קען בשום אופֿן ניט; וואָס איז ניט לויט די כּוחות; וואָס איז איבער די מעגלעכקייטן. א, צו פֿאַרטראָגן, אויסצושטיין, אויסצוהאַלטן אאַזוו. א, צו דערציילן, אָפּצומאָלן אע. „ער און מיגליך ניט האָט קענין בּ, אלפֿי, ר״ט [= רײַכסטאָלער] אויף ברענגין“, גה, 113. „דאשׂ קען אום מיגלעך גישעהן“, עיון 1/4. „דאַוועגען מיט אַזוינע...גוואַלדיקע קולות וואָס ס'איז גאָר א, געוועזן אויסצושטיין“, 'גדולת ר, וואָלף, [יפּ].
2. וואָס מע קען ניט דורכפֿירן אין לעבן. א'ע פֿאַנטאַסטישע פּלענער. א'ע בּקשה. 3. אומדענקלעך. „ניט לאשׂ דיר און מיגליכי זכין געבן צו פֿר שטין,„ צוכט. „דיא מעשׂים פֿון הש״י בּ„ה [= השם יתבּרך בּרוך הוא] זענין און מיגליך אויז צו טראַכטין,„ גה, 2. [לויט די אַלטע טעקסטן איז ניט קלאָר, צי מע דאַרף אַרויסרעדן אוממיגלעך אָדער אוממעגלעך.]
אוממיגלעכקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אוממיגלעך. ← דפֿוו. די א, אויסצופֿירן עפּעס. ס'איז אַ קלאָרע (וואָרע) א'. זיך אָנשטויסן אויף אַן א'.
„דז הויבּט פֿון (שׂכל) איזט דיא ערקענונג [פֿון]

איינר זאַך דיא זײַן קען, אַדר ניט זײַן קען,
און, זיך צו טרישׂטן, אין איינר אונמיגליכקייט,,,
ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבֿודג תּצ"ט.
אוממידותדיק — [...מידעס...] אַדי. וואָס איז
קעגן אַן איידעלער פֿירונג; אומעטיש. ,,איז א,
דאָס גטן זיו און דאָס חתונה האָבן", בּרידער
גאָרדין, אונדזערע חיבּורים, ווילנע 1912.
אוממידקייט — די (דאָס), ־ן. היפּוך פֿון
מידקייט; אומפֿאַרמאַטערטקייט ['אוממיד, נ].
אַרויסווײַזן א, בײַ שווערע ג יסטיקע
אָנשטרענגונגען.
אוממיוהסדיק — [...מעיו'כעס...] אַדי. 1. וואָס
איז ניט פֿאַרבונדן מיט קיין שום ייִחוס. א'ער

אוממינטערן

אָפּשטאַם. 2. וואָס האָט ניט קיין
געזעלשאַפֿטלעך אָנזען. א'ע פּאָזיציע, שטעל. ־יקייט.

-

אוממיושבֿדיק — [...מעיו'שעוו...] אַדי. 1.
אומבּאַקלערט, אומבּאַטראַכט. ריידן א,, וואָס עס
קומט אויף דער צונג. 2. צעהיצט, הייסבלוטיק.

אַן א, אויפֿפּירן זיך ־יקייט.

.

אוממיטלבאַר — אַדי. דטשמ. [אָפּט געניצט
אין ליטרש]. אומפֿאַרמיטלט, אוממיטלדיק;
דירעקט, גראָד, גלײַך; וואָס איז אָן זײַטיקער
אַרײַנמישונג אָדער השפעה. רעאַגירן א, אויף
עפּעס. "זיי באַגרײַפֿן מער מיטן מוח אַלס מיטן
אויג און מיטן א'ן געפֿיל", בעמ I. „א'ער
עקספּאָרט פֿון אַלערליי כעמישע מאַטעריאַלן" פֿגעז,

,

ווילנע 2 No ,1923. „א'ע עקאָנאָמישע
רעזולטאַטן", גרינ, מענטשן און ווערטן, נ„י 1953.
־קייט — „ער האָט אויפֿגענומען מוזיק מיט
דער ריינסטער א'„ מוק, מײַנע באַגעגענישן.
אוממיטלדיק — אַדי. נעאָל. דזוו אוממיטלבאַר
[און אַ סך בעסער צו ניצן]. א'ע רעאַקציע.
־יקייט — "עפּעס פֿון דעם קינסטלערס א'„
צײַט, טמז, 7 2 19 I.
אוממיטשען — ← אוממוטשען. באַטײַט אויך
דזוו אוממוקען ←.
אום מײַנ(ע)טוועגן — אַדי. צוליב מיר.
טו דאָס א, מ'. „יעדער מענטש איז מחויבֿ צו
זאָגן דאָס א, מ, איז די גאַנצע וועלט באַשאַפֿן,
נו ווי זאָל איך זי מיט מײַנע עבֿירות

איבערפירן„, דרכי עולם והוא אוצר חיים, ווילנע
.18▯▯
או'ממײַ'סטערדיק — אַדי. וואָס איז ניט פֿון
י
(ניט ווי בײַ) אַ גוטן בעל־מלאָכה. פֿאַרענדיקן
אַ שטיקל אַרבעט פּאַרטאַטשנע, א'. ־יקייט.
אוממײַסטעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
דרך (ניט אין דער נאַטור) פֿון אַ מײַסטער;
ניט־קינסטלעריש. א'ע אָפּגעלאָזנקייט. דיריגירן
א'. ־יקייט.
אוממײַסטערן, ~מײַסטרעווען — ־טער,
־טרעווע אום, ~געמײַסטערט, ~
געמײַסטרעוועט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט זיך
פֿאַרנעמען
מיט אַ בעל־מלאָכהשער אַרבעט, טאָן עפּעס מיט
מאַטעריאַלן און מכשירים. א אַרום
אייגן,
געמאַכטע פּאָליצעס. א, מיט דינע זעגעלעך.
טרוו — איבערמאַכן וואָס מע האָט
אויסגעמײַסטערט. א, די שלעכט געמאַכטע ▯רעמלעך.
אוממיליטעריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי
ווי אין אָדער בײַ דער מיליטער. אַ
צעקראָכענער, א'ער גאַנג. אַן א'ע האַלטונג.
אוממינריק — אַדי. אַרכ. לד, קורלאַנד.

מינעריערִיק. שפּאַניש־אידישער ווב, בּ"א 1931.
„דען אונמינדיגן קינדערן", מקאות הצוּבֿאות,
וואַנדזבּעק 1718. „א'ע קינדער", אמד, ןעך
אידישער פּאסלאַניק, ווילנע 1880. ־יקייט.
אוממינדעסטן — אַדוו. לכל־הפּחות. [פֿטמ
פֿאַרבּײַט פֿון דטשמ אַם מינדעסטן]. א. קאַלמוס,
שמערעלע טראָמטינעצעך, וואַרשע 1902.
אוממינטערן — טרוו. ־ער אום, ~געמינטערט.
אַ לענגערע צײַט (מיט פֿאַרשיידענע מיטלען)
מינטערן, וועקן פֿון חלשות. א, מיט
חלשותטראָפּנס און מיט קאַלט וואַסער.

אוממינעווען

אוממינעווען — טרוו. ־נעווע אום, ~
געמינעוועט. אַרומלייגן אויפֿרײַס־מינעס. א, די
פּאָזיציעס.
אוממינצן — טרוו. מינץ אום, ~געמינצט.
איבּערמינצן. „מיר האָבּן געדאַרפֿט א, די גרויסע
שלום־עליכם־מעדאַליאָנען פֿון אונדזער שול„,
רייד.
אוממינצעווען — טרוו. ־צעווע אום, ~
געמינצעוועט. 1. דזוו אוממינצן. 2. אומבּײַטן אויף
קליינע מטבעות. א, אַ רענדל אויף קליינגעלט.

או'ממיסטעריע'ז — אַדי. וואָס איז ניטסודותדיק, וואָס האָט ניט אין זיך קיין מיסטעריע. קאָנקרעטע, רעאַלע, א'ע דערשײַנונגען. אַן א'ע כּוונה —קייט.

.

אוממיסיק — אַדי. אַרכ. [איצט נר.] פֿאַרנומען, פֿאַרטאָן; וואָס איז אָן פֿרײַער צײַט. “דען עשׂ אונשׂ פֿאַר היישׂן דשׂ אליהו ניט קומן ווערט אם ערבֿ שבּת אודר ערבֿ יום־טובֿ דא ווײַל מן און מיסיג איז,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ב/ב.

אוממ□ען זיך — אוטוו. מי זיך אום, זיך ~געמיט. 1. אַ לענגערע צײַט (אין פֿאַרשיידענע ערטער) זיך מיִען, האָרעווען. 2. זיך אָנשטרענגען צו דערגרייכן עפּעס, זיך משתדל זײַן. ,,ער זאָל זיך א, פֿאַר אונדז בײַ דעם וואָס לעבּט אייבּיק“ (קלאָגרייד בײַם באַוויינען אַ מת).

או'ממי'שיק — אַדי. נעאָל. וואָס לאָזט זיך ניט (גוט) צונויפֿמישן. א'ע מאַטעריאַלן.

אוממישן — טרוו. מיש אום, ~געמישט. 1. אַהין און אַהער מישן (מיט אַ מכשיר) אַ לענגערע צײַט. א, ליים. א, דאָס געקעכטס אין טעפּל. 2. איבּערבּלעטערן. א, די בּלעטער און פֿאַרמישן וואו מע האָט געהאַלטן אין לייענען.

מיט ז י ך — אוטוו. זיך פּלאָנטערן צווישן אַן
עולם; כּסדר זיך אַרײַנמישן אין אַ שמועס, אין
אַ פֿרעמדן ענין. „מישט זיך ניט אום, מע האָט
בײַ אײַך קיין עצה ניט געפֿרעגט“, רייד.

או'ממי'שעווּדיק — אַדי. דזוו אוממישיק.
־יקייט.

אוממכופּר — [...מעכופּער] אַדי. ניט־פֿאַרגעבן.
„ווען איינער זאָגט איך וויל יאָ עבֿירות טאָן...
יום כּיפּור ווערט מירס מכפּר זײַן...די עבֿירות
בלײַבן א“, ר, אַבֿרהס עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם,
לאַשצובֿ 1817.

אוממלאָכה(נע)ן — [...מעלאָכע...] טרוו.
מלאָכה אום, ~געמלאָכהט. איבּערמאַכן,
איבּעראַרבּעטן, אָפּט פּע אָ.

▯

אוממלויטשען, ~מלויצען, ~מליטשען
— טרוו. ־טשע, ־צע אום, ~געמלויטשעט אאַזוו.
איבּערדרעשן. א, דעם קאָרן.

אוממליצהדיק — [...מעלי'צע...] אַדי.
ניטמליצהדיק, וואָס איז אָן (איבּעריקער) רעטאָריק,
ניט־בּאַפּוצט. רעדן פּשוט, זאַכלעך, א'. “אויף
לשון־קודש איז שווער געווען צו שאַפֿן אַן א'ן
סטיל“. ־יקייט.

א משות — [...מאַמאָשעס] די (דאָס), ־ן.

דאָס וואָס האָט ניט אין זיך קיין יש, קיין סובסטאַנץ, קיין מאַטעריעלקייט, קיין קאָנקרעטקייט. די א, פֿון אָפּדאַכטעניש, פֿון פֿאַנטאַזיעס. די א, פֿון גלויבן אין שדים און רוחות.

6()4

אומממשותדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ סובסטאַנץ, אָן אַ יש אָן אַ ווירקונג. אַבסטראַק.
טע א'ע הילף. ''אין דעם פֿילן ווערן געבוירן געדאַנקען, אַזוי דין און א'. מע קען זיי ניט פֿאָרמולירן'', קאָר I. ,,צוקונפֿט און איבערערדישקייט איז אומרעאַל, א''', ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער. ־יקייט.
אוממסוגלדיק — [...מעסו'גל...] אַדי. וואָס איז ניט צוגעפּאַסט, ניט־פּאַסיק, אומטויגלעך, אומאָנווענדלעך, אומפּעאיק. ־יקייט.
אוממסוכנדיק — [...מעסוקנ...] אַדי. וואָס שטעלט ניט אין סכּנה. אַן א'ע אָפּעראַציע. ־יקייט.
אוממסהרן — [...מיסכערן] אוטוו. מסחר אום, ~געמסחרט. אויך: ~מיסהרן. האַנדלען מיט פֿאַרשיידענע סחורות אַ לענגערע צײַט. ,,שוין

אומגעמסחרט מיט כלערליי אַרטיקלען און
געבליבן אַן אָרעמאַן", רייד.
אוממעבלירט — אַדי. 1. וואָס מע האָט אַהין
ניט אַרײַנגעשטעלט קיין מעבל פֿאַרדינגען אַן
.
א, צימער. 2. פֿאַר פֿון אוממעבלירן. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אוממעבלירן — טרוו. ־ליר אום, ~מעבלירט.
איבערמעבלירן, אַרויסנעמען דאָס אַלטע מעבל
און אַרײַנברענגען נײַ מעבל. א, עטלעכע צימערן.
אוממעגלעך — אַדי. דזוו אוממיגלעך ←.
[~מעגלעך איז פֿאַרשפּרייט אין ליטרש, אין פּד
און אַ צאָל אוקר.] "דען איר וויסט וואול פֿון
דען פּיביל [= פּעב] וואשׂ היר אין המבורג
איזט עשׂ ווערר אונשׂ און מעגליך צו ווערין",
גת, 242. "ס'קען אַ קוש אויפֿוועקן אָפּט געפֿילן,
ס'זאָל א, גאָר זײַן זיי צו שטילן", ממו , יודל.
,,עס וואָלט א, געווען אַז זי זאָל דאָס אים פֿון
זײַנע אויגן ניט אַרויסזען", ווײַס I. סוב.
,,דו קענסט מיר שלאָגן וויפֿל דו ווילסט, נאָר
ניט פֿאַרלאַנג פֿון מיר קיין א'ס!", ליב לעוויץ,
רפֿאל דעס שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
אוממעגלעכקייט — די (דאָס), ־ן. דזוו
אוממיגלעכקייט ←. די א, דורכצופֿירן,

אויפֿצוטאָן אע. עס גרענעצט זיך מיט א'. אַן אַבסאָלוטע א'. „און אומבאַוואוסט גאָר פּרעפּלען
ליפּן/ פֿון דער געוואוינהייט ליַיכט באַוועגט □/
א'ן בינדן זיך און קניפּן,/ דער מוח בלאָנדזשעט
און ער שרעקט“, מר □I, נ“י 1908. „
אומוואַרשײַנלעכקייטן ווי די פּריִערדיקע א'ן ווערן ניט דערלאָזן“, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אוממעדיציניש — אדי. וואָס איז ניט לויט דער סיסטעם, דעם דרך, דער לערע פֿון מעדיצין. א'ע סגולות.

אוממעטאָדיש — אדי. היפּוך פֿון מעטאָדיש. א'ער צוגאַנג. א'ער אופֿן לערנען. ־קייט — זיך אויסצייכענען מיט א'.

אוממעטאַליש — אַדי. וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ מעטאַל. וואָס האָט ניט אין זיך קיין מעטאַל. א'ע פֿאַרבינדונג.

א עכאַניש — אַדי. 1. וואָס איז ניט טעכניש, וואָס איז אָן שום הילף פֿון אַ מאַשין אָדער אַפּאַראַט. אַן א'ער אַרבעט־פּראָצעס. 2. וואָס איז ניט־מאָטאָריש. ניט ווי אַ מאַשין

אוממענטש

(נאָר באַטראַכט, באַוואוסטזיניק). פלאַנירטע א'ע אַרבעט ־קייט.

.

אוממעכטיק — אַדי. דזוו אומטאַכטיק ←. אב פאַרטײַטשט אין שמות דבריס, איזנע 1542, 'עלוף, — „אונמעכטיק". מלל פאַרטײַטשט 'בהתעטף עלי נפשי, (יונה, ב, 8): „אונמעכטיג„ [תי: „פאַרחלשט]. „אונ, אַלי בוים פון פעלד דיא זײַן פון דען איין בוים וועגן אום מעכטג גווארן", סהמ, יחזקאל, לא, 15. „דען זי וואַרן מיד אונ, אום מעכטיג פון הונגר", יוסיפון, פיורדא 1764, קמז/ב. „מײַן אוממאַכט שרײַט פון מיר אַרויס: כאָטש איין מאָל ווער אויך דו [גאָט] א'", הל. „ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען א'", ווײַס I, 'דאָס לעבן'. "האָט דער דאָקטער זיך אויך געפילט ביז איצט אינגאַנצן א'" פגעז,

,

פאַריז 4 1949, No. „דערשראָקן און א'", ייִט, פוילן II.

אוממעכטיקייט — אַדי. דזוו אוממאַכטיקייט ←. "דאז מייגט ער די תפילה פון איינם עני דער ווינדט זיך אום מיט און מעכטיקייט", לט1, כה/ב. „ישׂראל ליגט אין אונמעכטיקייט אין די גסין אַז איין ווילדר אוקס אונ, קיינר טוט

זיא אויף היבּין ,,, קינות לתּשעה בּאָבֿ, פֿיורדא 1767. ״מורא געהאַט פֿאַר זײַן אייגענער א'״, ייִט, פוילן II. ,,זי האָט זיך פֿאַר א, צעוויינט,,, ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. ״בּאַפֿאַלן אַ געפֿיל פֿון פֿאַטאַליזם און א'״, בּאַש פֿאָר, 29 ּ 1962 I.

,

אוממעכטיקן — טרוו. ־טיק אום, ~ געמעכטיקט. מאַכן אוממעכטיק. ,,א, מײַן געמיט״, סחמ, תּהלים, עז, 4.

אוממעלאָדיש — אַדי. וואָס איז ניט (גענוג) מעלאָדיש. אַן א, ליד. די היפּערמאָדערנע א'ע מוזיק. ,,לייען אים אין דעם געוויינלעכן... טרוקענעם, א'ן נוסח פֿון אונדזער געוויינלעכער שפּראַך״, קאָר II ־קייט.

.

אוממעלאַנכאָליש — אַדי. וואָס איז ניטמעלאַנכאָליש (אָבֿער אויך ניט פֿריידיק). ,,געווען אַ גרויער, דאָך אַן א'ער טאָג״. אַ רואיקע, א'ע גלײַכגילטיקייט. ־קייט.

אוממעלדן — מעלד אום, ~געמאָלדן. אוטוו — לאָזן וויסן אַנדערש, אויף אַן אַנדער אופֿן (כּדי צו פֿאַרריכטן אַ פֿריִערדיקע מעלדונג). א, אַז די פֿאַרזאַמלונג קומט פֿאָר ניט בּײַטאָג, נאָר אין אָוונט. טרוו — איבּעררעגיסטרירן. א, דעם

אַדרעס. א, עמעצן מיט (אויף) אַ פֿאַלשן נאָמען.
אויך מיט ז י ך.
אוממעלויצען — ← אוממלויטשען.
אוממענטש — דער, ־ן. 1. נאַרישער מענטש,
אומאַנטוויקלטער; וואָס האָט ניט די גוטע
אייגנשאַפֿטן וואָס מע ריכט זיך צו געפֿינען בײַ אַ
מענטשן פֿון אַ מענטשן פֿאַרלאַנג ווייניק פֿון

. ,, ,

אַן א'ן — גאָרניט", שוו. „איין מענטש גייט
אויף אַ שאָק א'ן,,, ש וו. „בּיסט געווען אַן א,,
בּיסט איצט (בּיסט געבּליבּן) אַן א'", פֿוול. „אַש
האָט בּכלל ליבּ צו שילדערן דאָס מענטשלעכע
אין די, וואָס די וועלט האַלט זיי פֿאַר א'ן", שנ,
שלוס אַש. 2. שלעכטער מענטש,
פֿאַרדאָרבּענער. "דאָס אַלץ טוען די א'ן כּדי יעדערער זאָל
מורא האָבּן...,,, ויִפֿאָל, 43 '1885 No. „פֿאָדליעץ
דו, א', כ'וועל דיך אַרויסיאָגן", אָפּאַ, היבּרו.
־יש — אַדי.

אוממענטשלעך
אוממענטשלעך — אַדי. 1. איבּערמענטשלעך,
וואָס איז צו פֿיל אָדער אוממעגלעך פֿאַר אַ
מענטשן. א'ער כּוח. א'ע בּאַדינגונגען. „ווייסט
איר פֿון זייערע א'ע לײַדן?", ספּ, סודות.

2. גוואַלדיק, זייער אָנגעשטרענגט. א'ע
באַמיאונגען. „דערוויַיל איז, ניט קוקנדיק אויף מיַין
א'ער שפּאָרזאַמקייט, די עטלעכע דאָלאַר
אויסגעגאַנגען“, אַר, 'דער שלום'.

3. געמיין, נידערטרעכטיק. וואָס איז ערגער
ווי מע מעג זיך ריכטן פֿון אַ מענטשן;
אַכזריותדיק, רשעותדיק. א'ע באַהאַנדלונג. „ווי א, מיר
ווערן באַהאַנדלט אין אַלע קריסטלעכע לענדער“,
לאיזע, דעם קעניגס געשעפֿטספֿערזאָרגער,
בוקאַרעשט [יאָר?]. „אַ ניט־מענטשלעך וואָרט מוז
ווערן אַן א, וואָרט“, יג, איק, 13 IX 1957.

4. וואָס איז (קומט) ניט פֿון אַ מענטש. „די
נאַכט ווערט אָנגעפֿילט מיט א'ע קולות...מיט
געשרייען פֿון אומגעזעענע בּרואים וואָס
ווידמענען זיך אין די זומפּן,,, אַש.

אוממענטשלעכקייט — די (דאָס), ־ן. ←
דפֿוו. 1. רשעות, אַכזריות. „איך וויל פּרובירן
אין קאַמף זיך שטעלן אויפֿדאָסניַי; מיט ניַיע
קרעפֿטן אַטאַקירן א, און טיראַניַי“, עדעלשטאַט.
„די אידייע אַז עס זיַינען פֿאַראַן בעסערע
פֿעלקער און ערגערע פֿעלקער איז אַ פֿילאָסאָפֿיע
פֿון שׂנאה פֿון א, און אוממאָראַלישקייט,,,

מענעס פֿאָר, 2 .9 1963 III. אייגנשאַפֿט וואָס

איז העכער אָדער נידעריקער פֿון
מענטשלעכקייט. „אינגאַנצן איַינגעזונקען אין א'„ יעקבֿ ראַווינסקי, דער פֿאַלשער שולד־בריעף, וואַרשע 1885. „אין דער נאַטירלעכער מענטשלעכקייט ליגט אָן אַ שיעור א'“, מענעס, פֿאָר, 29 XII 1962.
אוממענלעך — אַדי. 1. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ זכר, בײַ אַן ער. אַן א'ע נטיה זיך צו פֿאַרבֿן די ליפּן. 2. וואָס איז איידער מע ווערט אַ פּוליעריקער מאַן. א'ע שפּילערײַען. א, ווי אַ ייִנגל. 3. וואָס געהערט ניט צום מענלעכן גראַמאַטישן מין. 4. דזוו אוממענעריש. א'ע פּחדנות. ־קייט.
אוממענעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מאַן; וואָס איז ניט אין טבֿע פֿון אַ מאַן. א'ע שרעקעוודיקייט. א'ע נײַן מאָס רייד. האַנדלען א, און ניט העלפֿן אַ פֿרוי. ־קייט.
אוממעסטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. ◻ וווון.
אוממעסטלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט מעסטן. א'ע שטחים ערד. א'ע וויסטענישן. ← אוממעסלעך. ־קייט.
אוממעסטן — טרוו. מעסט אום, ~געמאָסטן.

1. אַרוממעסטן, מעסטן פֿון אַלע זײַטן. א אַ

,

פֿעלד. 2. איבע רמעסטן. „ס'איז אַ טעות, לאָמיר עס א'„.

אוממעסיק — אַדי. וואָס איז ניט לויט אַ (ריכטיקער) מאָס; וואָס איז צו פֿיל (אויך: צו ווייניק); איבערגעטריבן. ← אוממאָסיק. א, לויבן. א'ע שטראָף. „פֿון אַן א'ן פֿרישטיק קאָן מען אָפּנעמען בײַ דעם קינד דעם אַפּעטיט אויף אַ גאַנצן טאָג“, מלכּה בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. „עס זײַנען פֿאַראַן א'ע [פּנימער] וועלכע געפֿעלן אונדז בעסער איידער

6()5

געמאָלטע שיינהייטן„, מ. קאַטץ [פֿאָררעדע צו ד. עדעלשטאַט, שריפֿטן, לאָנדאָן 1909 — נ„י 1925]. ־יקייט.

אוממעסלעך — אַדי. אַרכ. וואָס מע קען ניט (אויס)מעסטן. „און מעסליך צו ווענן זײַן גיוויכט„, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, נב, 20. פֿרגל ~מעסטלעך.

אוממעקלע(ר)ן — טרוו. מעקל, ־לער אום, ~געמעקלט, ~געמעקלערט. אַ לענגערע צײַט

און אין פֿאַרשיידענע ערטער מעקלערן
פֿאַר,
מיטלען צווישן סוחר און קונה. א, סחורות,
גיטער.
אוממעקען — אוטוו. ־קע אום, ~געמעקעט.
1. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען פֿון
(אָדער ווי) אַ ציג. 2. שלעכט, ניט־
אינטערעסאַנט אָדער מיט שווערקייטן (שטאַמלענדיק)
ריידן, זינגען אע. א, אויף דער טריבונע.
־עניש.
אוממער — דזוו אונמער ←. „מיר האָבן אַך
קיין ברוט נאָך וואַשׂר דרום איז אונזר לײַב
גאַנץ אום מער“, ר, יעקבֿ בר, יצחק סג“ל ש„ץ
דק“ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ, פּרשה חוקת, פּראָג
.17 3
או'ממע'רעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט
ניט די טבֿע זיך צו מערן. „די צאָל געבורטן
איז אַזוי קליין אַז די באַפֿעלקערונג איז כמעט
א'„.
אוממערקבאַר — אַדי. דטשמ. וואָס מע קען
ניט מערקן, דערזען; וואָס איז שווער צו לייגן
אַכט אויף דעם. ← אוממערקלעך. א'ע פּרטים,
אייגנשאַפֿטן פֿעלערן אאַזוו. „דער הידרעס
— ,

גרינער קאָליר...מאַכט [זי] א, צווישן די גראָזן,,,
ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן, נ"י 1931. ,,דאָס
פֿעטס פֿון די פֿעטס־דריזן...באַדעקט די הויט
מיט אַ דינער א'ער שיכט פֿון פֿעטקייט,,, דר, י.
איפּ פֿגעז, פּאַריז 1948 1, No.

—

אוממע'רקווירדיק, ־ווערדיק — אַדי.
[די צווייטע פֿאָרעם איז פּאַסיקע]. וואָס האָט
ניט די ווערדע מע זאָל לייגן באַזונדער אַכט
אויף דעם; דורכשניטלעך; אומוויכטיק. אַ מוזיי
מיט עטלעכע מערקווערדיקע און אַ סך א'ע
חפֿצים. ־יקייט.
אוממערקלעך — אַדי. נעאָל. דזוו
אוממערקבאַר. "געוויסע ערשײַנונגען, דהײַנו דאָס אָפּזעצן
זיך פֿון אַן א'ן דאַמף און זײַן ווערן אַ וואָלקן,,,
מעריטאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.
־קייט.
אוממפֿורסמדיק — [...מעפֿו'רסעמ...] אַדי.
ניט־באַרימט, ניט ווײַט באַוואוסט. א'ער טאַלאַנט.
א'ער מרא־דאַתרא. ־יקייט.
אוממקורדיק — [...מאָ'קער...] אַדי. וואָס האָט
ניט קיין אָנשפּאַר אין אַ טעקסט. אומוואָרצלדיק.
א'ער כמו־ציטאַט. א'ע אַרויסזאָגונגען. ־יקייט.

אוממרה־שהורהדיק — [...מאָרע־שכוי'רע...]
אַדי. ניט־מעלאַנכאָליש, וואָס איז ניט מיט אַ
שווער געמיט (אָבער אויך ניט פֿריידיק). "נאָך
די אַלע קלאָגערײַען האָבן זײַנע ניכטערע
ווערטער געקלונגען א',,, רייד. ־יקייט.
אוממרוצהדיק ▯־־ [...מערו'צע...] אַדי. וואָס
גייט ניט אײַן אויף עפּעס; שטימט ניט צו צו

אומן

עפּעס; אומווילק. א, און ממש
געצוואונגענערהייט זיך האַלטן בײַ דער פּאַרטיי־ליניע.
אוממרוקען, ~מריקען, ~מרוטשען —
אוטנו. ־קע, ־טשע אום, ~געמרוקעט, ~
געמריקעט, ~געמרוטשעט. 1. כּסדר, אַ לענגערע
צײַט אַרויסבּרענגען קלאַנגען (ענלעכע צו)
מרמר. די קאַץ מרוטשעט אום אַ גאַנצן
אויפֿדערנאַכט. דער בייזער בער מרוקעט אום. 2. כּסדר
בורטשען, רעדן בייז און אומקלאָר. "די אַלטע
מכשפֿה מרוקעט אום און לאָזט קיינעם ניט
רואיק לעבן", רייד. ־עניש.
אוממרעיש־עולמדיק — [...מאַריש־אוילעמ...]
אַדי. וואָס מאַכט ניט קיין צו גרויסן אײַנדרוק;
ניט־אויסערגעוויינלעך; ניט־שרעקלעך. (איר

בײַטעם) א'ע רעדע, רעזאָלוציע, קאָנפֿערענץ אע.
אומּמשופּעדיק — [...מעשו'פּע...] אַדי. וואָס
גייט ניט אַרונטער בײַסלעכווײַז קרום. א'ער
אָפּריס. שווערער א'ער באַרג אַראָפּ ־יקייט.
-
.
אומּמשיהיש — [...מעשיכיש] אַדי. וואָס איז
ניט לויט משיחס טבֿע אָדער לויטן גלויבן אין
משיחן. אַן א ע פֿאָרשטעלונג וועגן דער
צוקונפֿט. „ער האָט אויף זיך גענומען די
פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַלץ וואָס קומט פֿאָר, מעג
עס זײַן ווי שלעכט...ווי אוממענטשלעך, ווי א',,,
שנ, ה. לייוויק. ־קייט.
אומּמשמעותדיק — [...מאַשמאָ'עס...] אַדי.
וואָס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל אַז עס איז אַזוי,
קען זײַן אַזוי; וואָס מע קען ניט אָננעמען אַז
עס איז וואָר. א'ע, אומגלייבווערדיקע
באַשולדיקונג. א'ער אויספֿיר. ־יקייט.
אומּמשפּחהדיק — [...מישפּאָ'כע...] אַדי. וואָס
איז ניט ווי אין אַ משפּחה, ניט ווי צווישן
מיטגלידער פֿון דער זעלביקער פֿאַמיליע.
ניטהיימיש, ניט־אינטים, ניט־פֿרײַנדלעך. א'ע
קאַלטקייט. ־יקייט.
אומּמשפּטן — [...מישפּעטן] טרוו. משפּט אום,
~געמשפּט. משפּטן אַ לענגערע צײַט אין

פֿאַרשיידענע געריכט־אינסטאַנצן; מיט פֿאַרשיידענע אורטיילן. „אומגעמשפּט טשעסמאַנען יאָרנלאַנג און לסוף פֿאַרבֿרענט אויפֿן עלעקטרישן שטול“, רייד. מיט ז י ך — קזוו.

אוממשפּיעדיק — [...מאַשפּיִע..] אַדי. וואָס ווירקט ניט, האָט ניט קיין אײַנפֿלוס. ← אומהשפּעהדיק. א'ע רייד, אַרגומענטן אאַזוו. ־יקייט.

אוממתנגדיש — [...מיסנאַגדיש] אַדי. וואָס איז ניט לויטן אויפֿפֿיר, ניט על־פּי נוסח פֿון מתנגדים. א'ע התלהבֿות. א'ע געשרייען בײַם דאַוו(ע)נען ־קייט.

.

אומן — [אומען] דער, ־ים [אומני]. תּל [תּנ: אָמן, שיר־השירים, ז,]. < בבֿא־קמא, צט/ב; עבֿודה זרה, לד/ב אאַ; תּנחומא [פֿון דאָרטן ווערט ציטירט: „כּל אומן שׂונא בני אומנתו“ און „כּל אומן שׂונא אומן כּמותו]. 1. אַ בעל־מלאָכה אַ פֿאַכמאַן, ספּעצ אַליסט

י

אין זײַן פֿאַך; מײַסטער. קינצלער. „אַ בעלמלאָכה אַן א, האָט פֿײַנט אַ פֿאַרטאַטש,„ ווערטל [היפּוך פֿון געדאַנק, אויסגעדריקט אין תּנחומא].

„איך וויל הין גיהן אונ, וויל איין בּרויך
שניידיר הולין דער איין גרושיר א, איזט„, גה, 196.
פֿון שטאַט גת, דען דאָרטן זײַן א'ים דיא דאשׂ
”

או'מנאַאי'וו

זעלבּיג כּלי־זמר מכן“, סהמ, תּהלים, ח, 1.
„דעו גאָט איז איין (אומן) איבּר אַלי (אומנים)
אונ, איבּר אַלי (בּעלי מלאָכות)„, צאינה, האזינו.
„אַל די א'ים די דאָ האָבּן געבּויט דעם
בּיתהמקדש זײַנען זייער פֿריש און געזונט געוועזן„,
צור, הפֿטרת פקודי. „אַז אַ ייִד זאָגט ער קען,
איז ער אַוודאי אַן א, און די חזקה איז זײַן
עקזאַמען, זײַן דיפּלאָם“, קמ, 2 1870, No.
2. יעדער מין ספּעציאַליסט; יעדער קינסטלער.
קאַל ווב. „אזו וואַר דער רבּי שמעון איין א, אויף
שוך צאבֿיל ציהן [= שאָכשפּיל] דאז מן זײַו
גלײַכן ניט פֿאָנד אין גאַנצן עולם“, מבּ, מעשׂה
קפּח. „אַ רופֿא וואָס איז קיין א, נישט, זאָגט
מען אויף אים מיט פֿאַראַכטונג: ,ס'איז אַ
קאָנאָוואַל'„, יע, וואונדער־אוצר פֿון איד, שפּראַך.
„איז דיא נשמה גיגליכן צו איינם א', אונ, דער
לײַבּ צו די כּלי־אומנות“, ר, אַבֿרהם אַבּא בּר,

שלמה, סוד הנשמה, אַמשט 1696.
או'מנאַאי'וו — אַדי. ניט־פּשוט, ניט־
תּמימותדיק. בּאמת אַן א'ע פֿראַגע. ־קייט.
אומנאָבּל — אַדי. אומאיידל. "א'עלע צילן,,,
מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. ־קייט.
אומנאָגן — טרוו. נאָג אום, ~געגנאָגט. אַ
לענגערע צײַט נאָגן, זייגן; אַרומגריזשען. א, אַ
בּיין (אַרויסצוציִען פֿון אים דעם מאַרך אָדער
אַרומצובײַסן דאָס פֿלייש פֿון אַלע זײַטו).
־עניש.
אומנאָטאַריזירט — אַדי. ניט־בּאַשטעטיקט,
ניט־געחתמעט דורך אַ נאָטאַר. א'ע קאָפּיעס.
א'ע מעטריקע.
או'מנאַטו'ר — די. מצ נבֿ. דאָס וואָס איז ניט
לויט דער נאַטור. „די בּילדער פֿון פּיקאַסאָ —
דאָרט איז אַלצדינג א',,, קאָר I. „אַ ווילן
אַרויסצוגיין פֿון אַן א'־צושטאַנד, פֿון צוויי־
טויזנטיעריקער היימלאָזיקייט", צײַט, טמז, 3□19 □ יI
.19
או'מנאַטוראַלי'סטיש — אַדי. וואָס איז ניט
לויט דער שיטה פֿון נאַטוראַליזם. א'ע בּילדער.
א'ע שילדערונגען. ־קייט. □
אומנאַטור'על — אַדי. דזוו אומנאַטירלעך, בּ1.
־קייט.

אומנאַטירלעך — אַדי. 1. וואָס איז ניט לויט
(די געזעצן פֿון) דער נאַטור. א'ער נס. „די
וויסנשאַפֿט אָנערקענט ניט קיין א'ע
דערשײַנונגען". „דיא חכמה פֿון תּכונה וואו דורך מאַן
אלי וועלטליכה זאַכן נאטירליך אונד אוהן
נאטירליך ער פֿאַרן קאַן", הבּחור חנוך בּר, צבֿי
הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718.
„מע מוז גלייבּן אַז אַן אַלטע גויע אַ
כּישופֿמאַכערין, קען טאָן גרויסע א'ע וואונדער",
מרדכי אָסטראָווסקי, אַ מענטש אָהן אַ קאָפּ,
זשיטאָמיר 1876. ‏.א'ער טויט = וואָס קומט
פֿון די הענט פֿון אַ מענטשן. שטאַרבּן מיט אַן
א'ן טויט.
2. וואָס איז ניט ווי עס דאַרף זײַן (ווי עס איז
אָנגענומען) אין דער געזעלשאַפֿט; וואָס איז
אומפּאַסיק. אַן א'ע פּאַר. „אַן א'ער און
אומאַפּעטיטנער חתן וואָס האָט זיך גענומען שדכנען צו
דער
כּלה־דײַטשלאַנד", יג, טמז, 1963 I ‏ו 28.
3. אויסערגעוויינ(ט)לעך. אַ פּאָר שיך פֿון א'ער
גרייס. „האָט גענומען וואַקסן אין עשירות א'",
מע‏יות נוראים, (וועגן ראַדזימינער ‏.בּין),

פיעטריקאָוו תּרע,,ד. ,,ער האָט [אי] פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן פּראָפֿעסאָר פֿאַר אַ מענטשן מיט א'ע פֿעאיקייטן“, ט. קאַמינסקי, אָ בּיאָגראָפֿיע פֿון אַ י ראל־קלען, קיִעוו 1913.

4. וואָס איז מיט אַן אָנשטעל. אָנגעשטרענגט, געקינצלט, טעאַטראַליש. זיך אויפֿפֿירן א'. ריידן מיט אַן א'ער שטים. א'ע העוויות. אַן א, געלעכטערל. שפּילן אַ ראָלע א'. ־ערהייט — אַדוו.

אומנאַטירלעכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומנאַטירלעך. עס שטאַרצט אַרויס די א.. די א, פֿון זײַן באַנעמען זיך. די א, פֿון דעם אויפֿטו אע. ,,צוזאַמען מיט דעם געזעלשאַפֿטלעכן פֿאָרשריט איז געקומען אַ פּראָגרעסיווע פֿאַרקלענערונג פֿון א',,, מערימאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אומנאָיען — אוטוו. ־יע אום, ~געגאָיעט. אַ לענגערע צײַט ווי טאָן, נאָגן, ציִען. אַ צאָנווייטיק נאָיעט אום און לאָזט ניט שלאָפֿן. ־עניש.

אומנאָכגיבּיק, ־געבּיק — אַדי. [אָפּגעבּן די בּכורה דער צווייטער פֿאָרעם]. אומבּייגעוודיק;

פֿאַרעקשנט, אײַנגעשפּאַרט, וואָס גייט ניט אײַן אויף אַ פּשרה. זײַן א', האַלטן זיך בײַ איינס. א'ער אָפּאָנענט. ־יקייט.

אומנאַכטן — טרוו. נאַכט אום, ~גענאַכט. נעאָל, מר. אַרומנעמען מיט נאַכט, מיט פֿינצטערניש. „אונדזערע מוחות דורו דורשט צו פֿאַרשמאַכטן...אונדז צו א'ן“, מר I, נ„י 1908.

אומנאַכלעסיק — אַדי. דטשמ. ניט־אָפּגעלאָזן. אָפּגעהיט. פּינקטלעך. „פֿלײַסיק און א, זאָלסטו אַלע אָוונט און מאָרגנס ווידוי זאָגן„, ארחות חיים, [איבֿז], לעמבערג 1850.

אומנאָכמאַכיק — אַדי. נעאָל וואָס מע קען ניט נאָכמאַכן. א'ע קונסט. ־יקייט.

אומנאמנותדיק — [...נעמאָ'נעס...] אַדי. ניטאויפֿריכטיק; ניט־אמתדיק. וואָס נאַרט אָפּ דעם צוטרוי מצד עמעצן. א'ע רייד. א'ע באַציאונג צו אַ שו ף.

או'מנאַציאָנאַ'ל — אַדי. וואָס נעמט ניט אין באַטראַכט (איז גלײַכגילטיק צו) דאָס נאַציאָנאַלע, דאָס אייגן־פֿאָלקישע. א'ער אופֿן לעבן. א'ע ריכטונג. „האָבן געמיינט אַז עס קען טאַקע זײַן אַן א'ע וועלטלעכע אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט„, בצג, טמז, 12 1965 II. ־קייט.

אומנאַרהאַפֿט(יק) — אַדי. דטשמ. וואָס

העלפֿט ניט דער דערנערונג. אומנעריק, אומנערעוודיק. א'ע שפּײַזן. ,,דער סאַכאַרין אָבער גייט אינגאַנצן אַרויס מיט די אורין, אין קערפּער בלייַבט גאָרניט איבער און איז אַלזאָ גאַנץ אומנאַרהאַפֿט“, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג 3 1900, No. ־(י)קייט.

או'מנאָרמ'אַל — אַדי. 1. ניט־נאָרמאַל, אַנאָרמאַל. א, פֿאַרגרעסערט האַרץ. ,,דער יִדישער פֿאָלק...וועלכער הייבט איצט אָן אונטערגיין צוליב זײַן א'ן לעבן וועט ווידער אָנפֿאַנגען בליִען“, ש. א., די אידישע לאַגע, ווילנע 1903. ,,אַ געניע אונטערזוכונג האָט אין מאָגן און אין דער לעבער ניט פֿעסטגעשטעלט קיין שום א'ס,,, פֿגעז, ווילנע 6 1938, No

אומן וכלי אומנותו בידו

2. וואָס איז ניט ווי שטענדיק, אַנדערש ווי שטענדיק. א, קליינע פּאָרציעס. א'ע היץ. א'ע שטילקייט אויפֿן מאַרקפּלאַץ. 3. פּסיכישקראַנק. אַן אַנשטאַלט פֿאַר א'ע. ־ערהייט — אַדוו.

אומנאָרמאַליזירט — אַדי. וואָס איז ניט אײַנגעשטעלט געוואָרן, עס זאָל זײַן נאָרמאַל.

א'ע באַציאונגען צווישן צוויי לענדער. ־קייט.
אומנ קייט — די (דאָס), ־ן. [~
נאָרמאַ ט. נר.] אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער
פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומנאָרמאַל. „אין וואָס
באַשטייט זײַן א'?“ „ווײַזט ער אַלץ מער אַרויס
זײַן א, און אומבאַגרינדעטקייט“, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.
אומנאָרמירט — אַדי. וואָס איז ניט
אײַנגעשטעלט געוואָרן לויט (מיט) אַ נאָרמע. א'ע
אַרבעט ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

. .

אומנבֿיאיש — [...נעוויאיש] אַדי. וואָס איז ניט
ווי בײַ (לויטן דרך פֿון) אַ נבֿיא. א'ע
גלײַכגילטיקייט. א'ע פֿאָרויסזאָגונגען. ־קייט.
אומנהרגן זיך — [...נע'(ע)רעגן] נהרג זיך אום,
זיך ~געהרגט. 1. קזוו. זיך שלאָגן אַ לענגערע
צײַט, זיך ממית זײַן. א, זיך ביז בלוט. 2. אוטוו.
זיך שטאַרק אויסמאַטערן (בײַ אַן אַרבעט), זיך
אַרויסשלאָגן פֿון די כּוחות. א, זיך בײַם זוכן
פּרנסה, בײַם שלעפּן זיך אע.

אומנואסן — [...נויעפֿן] אוטוו. נואף אום,
~געננואפֿט. אַ לענגערע צײַט (אין פֿאַרשיידענע ערטער מיט פֿאַרשיידענע פּערזאָנען) באַגיין אַקטן פֿון זנות. א, מיט סאַמע אָפּפֿאַל.

אומנוד(י)ען, ~נודז(י)ען, ~נודזשען — ־ד(י)ע, ־דז(י)ע, ־דזשע אום; ~גענוד(י)עט, ~גענודז(י)עט, ~גענודזשעט. אוטוו — כּסדר נוד(י)ען. א, און ווערן דערווידער. אָפּט מיט זיך. טרוו פֿאַרנוד(י)ען; מאַכן עס זאָל ־

ווערן איבערדריסיק, שטאַרק לאַנגווײַליק. א, דעם עולם מיט די זעלביקע רייד, מיטן ווײַזן די זעלביקע מציאות. ־עכץ. ־עניש.

אומנויטוועןדיק — אַדי. וואָס די סיטואַציע (די לאָגיק) פֿאָדערט ניט. אומנייטיק. א'ע הוצאות. א'ע נסיעה. א'ער אויספֿיר. ־יקייט. ־ערהייט — אַדוו.

אומנויטיק — אַדי. ← אומנייטיק. „קולטור הייבט זיך אָן...מיט דעם א'ן...און מע טרעט אַרײַן אין דעם קעניגרײַך פֿון מעגלעכקייטן„,

קאָר I. ,,לאָזט אַראָפּ די א'ע הענט אין וואָגן אַרײַן,,, פּמ, דור־אויס דור־אײַן. [אומנויטיק איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין ליטרש.] ־יקייט. ־ערהייט — אַדוו.

אומן וכלי אומנותו בּידו — [אומען (אומאָן)

אוקליי אומנוסוי בּעיאָדו] פֿראַזע, אויך זאַץ. תּח. < אָבֿות דרבּי יונתן, בב/א. 'מײַסטער און זײַן געצײַג אין האַנט'. 1. געזאָגט וועגן יעדן בּעל־מלאָכה וואָס קומט מיט זײַן געצײַג און איז גרייט צו דער אַרבּעט. 2. אָנגעווענדט אויף אַ בּן־תּורה וואָס צייכנט זיך אויס מיט מעשׂים־טובֿים, אויך אויף יעדערן וואָס לעבּט לויט זײַן שיטה, זײַן לערע. אויך דער היפּוך: אומן ו א י ן כּלי...

אומנומערירט

אומנומערירט — אַדי. 1. פּאַר אומנומערירן ←. 2. ניט־נומערירט. א'ע בּילעטן. א'ע זײַטן פֿון בּוך ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומנומערירן — טרוו. ־ריר אום, ~(גע) נומערירט. איבּערנומערירן, שטעלן נײַע נומערן. א, די זיצפּלעצער, די זײַטלעך פֿון מאַנוסקריפּט.

אומנוץ — דער (די), ־ן. 1. דאָס וואָס נוצט
ניט, בּרענגט ניט קיין נוצן. „זיי די נייטיקסטע
קענטעניש...געבּן, זיי זאָלן ניט זײַן קיין א',
אַ געליימט גליד אין בּירגערלעכן קערפּער“,
קמ, 2 .8 1870, No. דאָס וואָס ווערט ניט
גענוצט. „אַן אָרגאַן אין א, ווערט אָפּגעשוואַכט„.
פֿון יום־טובֿדיקן וואָרט, וואָס איז אויך אַ צײַט
„
געוועזן אין א'“, יג, איק, 1957.
אומנוצבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← אומנוציק.
־קייט.
אומנוציק — אַדי. 1. וואָס בּרענגט ניט (קען
ניט בּרענגען) קיין נוצן. א'ע רייד. א'ער לימוד.
„מענטשן בּאַדאַרפֿן נייטיק נוהג צו זײַן זיך מיט
אָפּשיידונג פֿון איבּעריקע, א'ע זאַכן„, חה, ב,
266. „דאָס א'ע שפּאַרן זיך איבּער מלמדים“, קמ,
34 1864, No. „דער אַזוי גערופֿענער כּלל איז
פּרינציפּיעל איבּעריק און א'„, ימ, שול־
גראַמאַטיק, 1921.
2. איבּעריק, כּמעט שעדלעך. „אויך זײַנען
א'ע עסנס [פֿאַר אַ מעוברתע] גענדזנפֿלייש און
קאַצקע (ענטל), האַרטע, פֿעטע ים־פֿיש„, מלכּה
בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836.
„אַ קוק טאָן אויף אַן א'ער בּריאה, וועלכע

באַוועגט זיך,,, מר I, נ״י 1910. ,,בלויז אַ
פֿאָרמעלע דעמאָקראַטיע איז א, און קאָמיש
אַפֿילו,,, ימ, 1925. ־יקייט.
אומנוצלעך — אַדי. פֿרגל: ~ניצלעך. 1. וואָס
מע ק ע ן ניט נוצן. א'ע אַרבעט. א'ע
באַמיאונגען. א, אויף דער עלטער. ,,האָב איך...די
אַקציעביכלעך...פֿאַרברענט און בין פֿריַ געוואָרן פֿון
אַן א'ן פּעקל״, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
2. וואָס ברענגט ניט קיין נוצן; דזוו
אומנוציק. ,,אונ, איך האב מיר גדאכט דשׂ עשׂ און
נוצליך ווער דר ווייל דשׂ מיינשׂטי זאַכין...זײַנן
שון גשריבן אין פֿיל טײַטשי (ספֿרים),,, שאַר.
,,דעם מענטשנס פֿלײַס אין זײַן באַשטרעבן
רײַכטום צו שאַפֿן איז א,,,, ר, הילל ליכטנשטיין, עת
לעות II, תּרל״ב. ,,מע מאַכט די גרעסטע א'ע
הוצאות, און דערנאָך — אַסיפֿות איבער אַסיפֿות,
מע דאַרף געלט!,,, דער רײַזנדער, וואַרשע 1883.
3. וואָס מע ד אַ ר ף ניט ניצן. ,,פּפֿלעגט זיך
זאלכר...אין צארין פֿיל אוננוצליכי אונ,
שאנדליכי ריד צו רידן,,, אליהו בר, ליזר קוטניס,
[איבז], תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692. ,,צו
נייגן זײַן אוערן צו הערין ווס דר קורא לייענט
אונ מען טאָר דענסט מאָל...נוט מפֿלפֿל זײַן,
מכל שכּן קיין אום נוצליכי רייד ריידן ווײַל

דער קורא אַן פֿאַנגט“, עפּש, עץ חיים קיצור
של“ה,,, [לבֿובֿ? יאָר?]. ־קייט.
אומנוצן — דער. מצ נבֿ. דזוו אומנוץ ←.
,,הקבֿ,,ה האָט ניקשׂ צו אום נוצין בּשאַפֿין,,,
▯יח ה▯דה, פּרק ז, פֿיורדא 1737. ,,ווער איין
שם שמים צו אום נוצן אַרוישׂ רידט...“, עח,
י/ב.
אומנוקען — ־קע אום, ~גענוקעט. אוטוו —

אַ לענגערע צײַט אַרויסזאָגן נו־נו. הערן און
א, פֿאַרחידושט. טרוו — אונטעראײַלן;
אונטערטרײַבן. א, איינעם ביי דער אַרבעט ווי אַ פֿוילן
פֿערד.
אומנורקעווען — אוטוו. ־קעווע אום, ~
גענורקעוועט. אַ לענגערע צײַט מאַכן נורקעס
(זיך אונטערטונקען) בײַם באָדן זיך. ,,די קינדער
נורקעווען אום אין וואַסער, ביז זיי ווערן
טויטמיד,,, רייד.
אומנות — [אומנעס] די (דאָס), ־ן. תּל. >
קדושין, כט/ב [פֿון דאָרטן ווערט ציטירט: ,,כל
שאינו מלמד את בנו א, מלמדו לסטות,,]; חולין,
נד/ב אאַ. ← אומן. 1. באַשעפֿטיקונג פֿון אַ

בעל־מלאָכה. (גרויס) פּאַכקענטעניש; מײַסטערשאַפּט, ספּעציאַליטעט. קאַל וובֿ. גרויסע, ריינע, גרינגע א'. „איז דיא נשמה גיגליכן צו איינם אומן, און, דער לײַבֿ צו די כלי־א'„, ר, אַבֿרהס אבֿא בר, שלמה, סוד הנשמה, אַמשט 1696. „עשׂ איז פֿון דײַנר א, דשׂ דיא גזלנים ברויכן מוזן„, מבֿ, מעשׂה ס„ו. „די דא טואן און, מאכין איין א, צו זיינם נאמן מיט אלי זאכין. איין מלאָכה צו דיא תּפֿילין מיט אירי בתּים מיט דיא רצ[ו]עות, א, של ציצית מיט אירי פֿעדים...די א, פֿון מזוזה על פּתח ביתו„, נצ1, דבֿרים, לז/ד. „דאָס רובֿ פֿון אונדזערע ייִדן ווילן ניט לערנען קיין א, אירע קינדער“, אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871.

2. יעדער מין מײַסטערשאַפֿט. טאַלענט. קינסטלערישקייט. קינצלערישקייט. „זאָגט ר, שמעון שמים וארץ ווײַזט אויף דיא מעשׂה און, א, פֿון תּורה שבכּתבֿ און, אויף דען מעשׂה און, א, פֿון תּורה שבעל פּה“, נצ▯, בראשית, ה/א. „איז געוועזן געניט...אין די תּורות פֿון די אַלטע, אין די שפּילן פֿון די יונגע, אין די א, פֿון די מענער“, יהואָש, הײַאַוואָטאַ. „אויף דער מויער זענען געוועזן אויסגעגראַווירט מיט גרויס א, אַלערליי ביימער און בלומען“, ייִט, טאָנ,

29 ▯ 1957 I.

3. שליחות. יעדער מין באַשעפּטיקונג. ‟ער
דר צילט האָט לשון הרע און, האָט ביגריפֿן דיא
א, פֿון דיא שלאַנג,,, טח, שמות, ד, 3. ,,[דער
מלאך] איז ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן א,,
אלא ווײַל דער מלאך איז געווען מצד הרחמים,,,
נוצ, זשיטאָמיר תּרכ,,ג, 228. ,,דען דאָס איז די
א, פֿון אליהו הנבֿיא, ער זאָל געבן און גיסן
וואַסער אויף די הענט פֿון די אָבֿות,,, קה,
ווילנע תּרל‟ה.

4. אויפֿריכטיקייט, ערלעכקייט,
איבערגעגעבנקייט בײַם טאָן עפּעס (ספּעצ בײַם דינען
גאָט). ,,און זיי האָבן אָנגענומען דאָס א, פֿון
זייערע עלטערן צו שרײַען מיט תּפֿילה,,, מחזור
לשלוש רגלים, סלאַוויטע 1832, צז/ב.

אומנותדיק — אַדי. ← דפֿוו. פֿאַכמעניש.

,,די א'ע דערציאונג‟, בּרידער גאָדדין, אונדזערע
חבֿורים, ווילנע 1912.

אומנות נקיה וקלה — [אומנעס נעקיְ'יע
ועקאַלע] פֿראַזע. תּח. < קדושין, פּב/א [דאָרטן:
,,רבּי מאיר אומר: לעולם ילמוד אָדם את בּנו
אומנות נקיה וקלה‟. די גמרא בּרענגט ווי אַ
מוסטער — צונייען צעריסענע קליידער, ווײַל
אַזאַ אַרבּעט איז ריין פֿון גניבֿה און ניט שווער.]

אויך בּרכות, סג/א. גרינגע און ריינע

באַשעפֿאומנייטיק

טיקונג (וועגן אַ בעל־מלאָכה). ,,זייגערמאַכערייַ
איז אַן א, נ, וק',,, ווערטל
אומנזהרדיק — [...ני'זהער...] אַדי. ניט (
גענוג) אָפּגעהיט. א'ע קאָרעקטור. א, זיך
אַרויסכאַפּן מיט אַן איבּעריק וואָרט. ,,ווען מע קען
ניט א, רעדוציִרן", בּרידער גאָרדין, די
טריאוספֿעדיע, ווילנע 1914.
אומנהת — [...נאַכע] דער, ־ן. היפּוך פּון
נחת. וואַרטן אויף נחת פֿון אַ קינד און ס'זאָל
זיך אויסלאָזן מיט א,. ־דיק — אַדי. א'ע
גרוסן.
אומנ אַנטשען — טרוו. ־טשע אום, ~גענ
אַני ׳
טשעט. אַ לענגערע צייַט ניאַנטשען, האָדעווען,
בּאַדינען. א אַ קליין קינד, אַ חולה. מיט ז י ך
,
— אוטוו. זיך פֿאַרנעמען מיט ניאַנטשען אאַ וו
זיך אַרומטראָגן מיט עפּעס וואָס איז ליבּ. א,
זיך מ י ט עמעצן, מיט אַן אידיי(ע), מיט אַ

פלאַן אע ־עניש.

אומדיד — [אומען־יאַ] דער, אומני—יד.
1. מײַסטער, מײַנסטער, גוטער בעל־מלאָכה.
אַן א,־י, פֿון הויכן גראַד. „און פֿאַר אַן א'־י,
אַליין איז זיך מיר מײַן געראַזירטער לערער
אָנגענעמענער פֿון הונדערט שוחטים,„ ייִ,
משלחת, זשיטאָמיר תּרל"ו. 2. איר. גנבֿ.
קונצנמאַכער. אַ קעשענע־ציִער אַן א'־י,. „הצדיק... איז
געווען אַ שטאַרקער א'־י', ער איז נפֿטר געוואָרן
בנטילת ידים,„ בינטשע די צדקתטע, וואַרשע
.1883
אומניואַנסי ו — טרוו. ־סיר אום, ~
ניואַנסירט. אַרויסברענגען אַנדערע, נײַע ניואַנסן,
וואַריאַציעס, דינע אונטערשיידן אין טאָן, קאָליר.
א, די פּרעלודיע. א, די בײַמאָטיוון און זיי מער
צופּאַסן צום גרונט־מאָטיוו.
אומניוועלירן — טרוו. ־ליר אום, ~ניוועלירט.
פֿונדאָסנײַ ניוועלירן, אויסגלײַכן (האָריזאָנטאַל).
א אַ פּלאַץ פֿאַר ספּאָרטשפּילן ־ונג.

אומניוכען — טרוו. ־כע אום, ~געניוכעט.
1. אַרומשמעקן, באַשמעקן. א, ווי אַ הונט.

2. גראַבּ. פּרוּוון אויסגעפֿינען דורך אומדירעקטע
פֿרעגענישן, דורך אומוועגן. "די דינסט ניוכעט
אום דעם סקאַנדאַל בײַ די שכנים און קומט מיט
נײַס צו דער בעל־הבּיתטע", רייד. ־עניש.
אומניטעווען — טרוו. ־טעווע אום, ~
געניטעוועט. אַרומקלאַפּן מיט ניטן, שטיפֿטן,
טשוועקלעך. א, זוילן. א, צוויי ברעטלעך.
אומנייג — דער, ־ן. אַקט פֿון אומנייגן (זיך).
א, פֿון ווײַזער אויף ‎ נ)18.
אומנייגן — טרוו. נייג אום, ~געניגט. אויך
מיט ז י ך. בּייגן אויף צוריק, אין דער
פֿאַרקערטער זײַט. א, אַ צווײַג. ־עכץ. ־עניש.
אומנײַגעריק — אַדי. ניט־נײַגעריק,
ניטפֿאראינטערעסירט. א, צו הערן רכילותן ־יקייט.
—
.
אומנייטיק — אַדי. וואָס מע דאַרף ניט.
איבעריק, אומנויטווענדיק. [אָפֿט אויסגעלייגט
~נויטיק ←.] א'ע מאַטעריאַלן. א'ע הכנות.
„אלי און ניטיגי זאכין", צוכט. „איז עס
איבעריק, אומגעוואונטשן, א'?", ים, קוד, 1938. „איך
קאָן ניט ארשרייבּין...דאז איך זולכיש פֿאַר און
ניטיג אַכט לכתובֿ", גה, 324. „דיא רואי...דעם
מענשין פֿעהלט דורך אום ניטיגי זאָרג", ספֿר

מבֿחר הפּניניס, הומבורג, תּצ״ט. ,,און דו זאָלסט
קיין א'ע רייד ריידן אין די שול״, ארחות חיים,
[איבֿז], לעמבערג 1850. ,,דאָס גליק...אויף
יענער־וועלט...[דאָ אי] די אויפֿקלערונג א'״,
ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע I ות II, תּרל״ב.
־יקייט. ־ערהייט — אַדוו.
או'מנייטראַ'ל — אַדי. היפּוך פֿון נייטראַל.
זײַן אַ נוגע בדבֿר, האַלטן מיט איין צד, זײַן א'.
־קייט.
אומנייען — טרוו. ניי אום, ~גענייט. 1.
אַרומנייען. א, די עלנבויגנס און די קני. ,,ווען מן
תּכריכין ניאט...זאָלן די נאהט [= נעט] וואול
אום ניאן, דשׂ זי ניט אויף גיט,,, ש. פֿראַנקפֿורט,
ספֿר החיים, זולצבאַך תּקנ״א. 2. איבערנייען,
איבערניצעווען. צעטרענען און א'. ־עכץ.
־עניש.
אומניכטער — אַדי. 1. שיכּורלעך,
בגילופֿינדיק. אין אַ פֿריילעכער א'ער שטימונג. 2
פֿאַנ.
טאַסטיש, אומרעאַל(יסטיש). א'ער פּלאַן. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומניסן — אוטוו. ניס אום, ~גענאָסן. כּסדר

ניסן. א, בײַ אַ פֿאַרקילונג.
אומניץ — אַדי. אַרכ. אומבאַניצלעך, גראָב.
„אַך נוך גיווארפֿן לייאם אונ, קוט אונ, און ניצי
וואָרט אונ, קללות“, ווינץ. „ווער עשׂ פֿיל אום
ניצי ריד טוט רידן דר זעלביגי ווערט אויך
מגולגל אין איין בין אַרײַן“, עח, כב, 2.
אומניציק — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט ניצן.
דזוו אומניצלעך. „ער ▯ אָל זיך אויף א, ברויט
ניט פֿאַרשווענדן„„ אלף ▯ כץ, די אמתּע חתונה,
נ„י 1964. „אָ! א'ער מענטשן־פֿאַרשטאַנד!„„
מאַקמאַן. 2. וואָס מע ד אַ ר ף ניט ניצן. גראָב.
„מן שלאָגט אין אויף דאשׂ מויל, ווייל ער האָט
און ניציגי ריד אויז זײַנם מויל גילאזן אונ,
נכול־פּה גירעט“, ר, אבא בר, שלמה, סוד
הנש מה, אַמשט 1696.
אומניצלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט ניצן.
פֿרגל: ~נוצלעך. [~ניצלעך איז בנוגע מער
קאָנקרעטע זאַכן ווי ~נוצלעך.] אַ צעבראָכענע
א'ע כלי. „די וואָס זייער לעבן איז ווײַט פֿון
אידעאַליזם פּראָטעזשירן אָפֿט אַ קונסט וואָס
איז אידעאַליסטיש און א'„, שנ, לעזער, דיכטער,
▯ קריטיקער I.
2. וואָס ברענגט ניט קיין נוצן, וואָס בלײַבט

אָן אַ פּעולה. פֿרגל: אומנוציק. "ווען השי"ת
וויל איין לאַנד שטראפֿין, זאָ זעצט ער אין איין
און ניצליכי....,,, צוכט. ,,דשׂ מיינשׂטי וואשׂ דען
מענשין דיא כּוונה פֿר שטעהרט פֿון דער
תּפֿילה איז דיא אומניצליכי און, שודרהאפֿטיגי
ריד,,, ר, זאבֿ וואָלף בּר, יוסף, דרישת הזאבֿ,
בּערלין 1740. ,,ער איז מפֿסיק צווישן די בּרכות
קריאת־שמע מיט א'ע זאַכן,,, לט2, נה/א. ,,און
נייג אַוועק פֿון צו ווענן איבּעריקע א'ע
ווענטלעכע זאַכן", חה, ב. ,,לאָז קיין בּיזן אום
ניצליכן זרע פֿון זיך", סהמ, איובֿ, כא, 10. ־קייט.
אומניצן — דער. מצ נבֿ. דאָס וואָס מע קען
ניט ניצן. פֿרגל־ אומנוץ, אומנוצן. ,,דוא זאָלשׂט
[ניט] מינן דז איין וואָרט אונטר זײַני ריד ווער,
דיא צו און ניצן ווערן", לט1, קג/ב. "דער האָט
עשׂ אַלשׂ גימאַכט צו אום ניצן און, צו קיין
הילף", סהמ, ישעיה, מד, 10.

6()8

או'מני'צעוודיק — אַדי. דזוו אומניצלעך, נאָר
אַרויסגעהויבּן אַז מע קען ניט ניצן איבּער
אַן אייגנשאַפֿט פֿון דער זאַך. אַ צעשפּאָלטענע,
א'ע כּלי. די א'ע אַלטע קאַנאַפּע. ־יקייט.

אומניצעווען — טרוו. ־צעווע אום, ~
געניצעוועט. 1. איבערניצעווען, איבערנייען, איבערמאַכן מיט דער לינקער זײַט פֿון אויבן און מיט דער רעכטער זײַט פֿון אונטן. א, אַ מלבוש.
2. סתּם איבערמאַכן (איר בײַטעם). א, אַ פּיעסע, אַ דערציילונג.
אומנישט — אַדוו. זן אויך אַדי. ← אומזיסט.
← אומזיסט און אומנישט. 1. אומנוציק, לאיבודיק. „און אײַער כּוח וועט אַוועקגיין א'", תּי, ויקרא, כו, 20. 2. אוממאָטיווירט, אָנסיבּהדיק. א'ע שׂונאים, פֿאַד גאָלע גאָרניט. "פֿאַרוואָס רודערן די פֿעלקער און די אומות טוען בּרומען א'?", תּי, תּהלים, בּ, 1.
אומנישטערן — אוטוו & טרוו. ־טער אום, ~געגישטערט. אַ לענגערע צײַט, שטאַרק אַרומזוכן. א, (אין) אַלע ווינקעלעך. א, (אין) די שופֿלאָדן.
אומנכנעדיק — [...ני'כנע..., נע'כנע...] אַדי. וואָס גיט זיך ניט אונטער, וואָס בּייגט זיך ניט פֿאַר מאַכט. בּלײַבּן א, אויך נאָך דער מפּלה. שטאָלץ און א, ־יקייט.
.
אומנמאסדיק — [...ני'מעט...] אַדי. וואָס איז (ווערט) ניט איבּערדריסיק, נמאס. אַן א'ע אַרבּעט.

א, לערנען.
אומנעבּעכדיק — אַדי. היפּוך פֿון נעבּעכדיק.
„הער נאָר, הער נאָר, ווי דאָס נעבּעכל האָט אַזוי
א, זיך צערעדט“, רייד. ־יקייט.
אומנע בּענקל — דאָס, ־עך.: □ □ <.
□I□][□a□][□M□. געבּויגן בּענקל; בּענקל מיט אַ
געפֿלאָכטענעם געזעס. (סטאָליערײַ, קיִעוו).
אומנע־ונדעווען — [...נאַווענאַ'ד...] אוטוו.
־דעווע אום, ~געוע־ונדעוועט. אַ לענגערע צײַט
זײַן נע־ונד, אומוואָגלען; אומוואַנדערן. א, וואו
די וועלט האָט אַן עק. א, פֿון לאַנד צו לאַנד.
אומנעימותדיק — [...נעאי'מעס...] אַדי.
אומגעלאַסן. אַ בּרוגזער, אַן א'ער ענטפֿער. ־יקייט.
אומנעמען — טרוו. נעם אום, ~גענומען.
(אויך: ~גענעמען, פּר, מג). 1. אַרומנעמען
(מיט די הענט כּדי צו טראָגן, וואַרפֿן אע). א,
אַ דיקן קלאָץ. א אַ זאַק מעל און איבּערוואַרפֿן
,
אים איבּער די פּלייצעס. א, מיט אַ בּליק, עס
זאָל יענעם קאַלט ווערן. 2. אַרומנעמען בּײַם
צערטלען. א, אַ קינד, אַ גוטן פֿרײַנד. מיט
ז י ך — קזוו. ־עכ□ן. ־עניש.
אומנעצבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.

. דוווו.

או'מנע'ציק — אדי. נעאַל. וואָס לאָזט ניט דורך קיין פּליסיקייטן; נעצט ניט דורך. א'ער רעגנמאַנטל. א'ע שטיוול. א'ער ברעזענט. ־יקייט.

אומנעצלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט נעצן. „לעדער האַרט און...א'. אַזאַ לעדער טויג גיכער פֿאַר פּאָדעשוועס„, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928. ־קייט.

אומנעצעוודיק — אַדי. דזוו אומנעציק. „און וואָס האָט מען פֿון איר דען דאָ ניט געמאַכט?

אומסאַנקציאָנירט

קאַלאָשן, שינעס צו רעדער, א'ע מאַנטלען„, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928. ־יקייט.

אומנערוועז — אַדי. היפּוך פֿון נערוועז. בלייַבן רואיק און א'. ־קייט.

אומנער(עווד)יק — אַדי. וואָס דערנערט ניט, פֿאַרמאָגט ניט דעם נייטיקן סכום נערונג־שטאָף. א'ע שפּײַזן. ־יקייט.

אומנסקא־מינהדיק — [...נאַפֿקעמי'נע...] אַדי.

וואָס איז אָן אונטערשייד. „א, פֿון דער
קערעכץ‟, ברידער גאָרדין, די טריאומפֿעדיע, ווילנע
.1914

אומנשמהדיק — [...נעשאָ'מע...] אַדי. וואָס
איז אָן נשמה, אָן איבערגעגעבנקייט, אָן
קאָנצענטרירטקייט. א, דורכפֿירן אַ שליחות. ־יקייט.

אומנתנען — [...נאַ'סענען] טרוו. נתן אום,
~געגתנט. (בײַטעם פֿון ביטול) כסדר געבן,
שענקען עפּעס אַ צאָל מענטשן. א, אויף רעכטס
און אויף לינקס. א, כּאַבאַר פֿון אונטן ביז
סאַמע אויבן.

אומס — = אום דאָס. אַרכ. געוויינלעכער
אויסלייג: אומש.

אומסאַבאָטאַזשעווען — טרוו. ־זשעווע אום,
~סאַבאָטאַזשעוועט. סאָוו. אַ לענגערע צײַט
דורכפֿירן סאַבאָטאַזש. א, די באַשלוסן פֿון דער
פּאַרטיי.

אומסאַטיריש — אַדי. וואָס פּאַסט זיך ניט
פֿאַר אַ סאַטירע. לאַנגע און נודנע, א'ע
באַשרײַבונגען. ־קייט.

אומסאָכנ(י)ען — ־נ(י)ע אום, ~געסאָכנ(י)עט.
אוטוו פֿאַרטריקנט ווערן. די ביימער סאָכנ(י)־
-

-

ען אום. טרוו — פֿונדאָסנײַ טריקענען. א,
סוכאַרעס.
אומסאָלדאַטיש — אדי. וואָס איז ניט ווי (עס
דאַרף זײַן) בײַ אַ סאָלדאַט. א'ער גאַנג ־קייט.
.
או'מסאָליי'ד — אַדי. 1. ניט־פֿעסט; ניט־האַרט.
ניט־געדיכט. א'ע, ווייכע מאַטעריאַלן. א'ע מאַסע.
2. ניט־געזעצט, ניט־ראַיעל, ניט־פֿאַרלאָזלעך.
א'ער סוחר. „ער איז ניט קיין וואָרטסמאַן, אַן
א'ער מענטש„. 3. אומזיכער. אומממשותדיק.
א'ע ידיעות. ־קייט.
או'מסאָלידאַ'ר — אַדי. אויך: ~
סאָלידאַריש. וואָס ווײַכט אָפּ פֿון פּרינציפּן אָדער
אַחריותן פֿון אַ גרופּע; אומחבֿר(י)ש,
אומקאָלעגיאַל. א, מיטן פֿאַראיין בעת אַ סטרײַק.
־קייט.
אומסאָנאַ'נט — אַדי. 1. וואָס קלינגט ניט.
טעמפּע, א'ע קלעפּ. 2. דזוו אומשטימיק ←.
אומסאַנגוויניש — אַדי. ניט־הייסבלוטיק,
וואָס איז מיט אַ קאַלטן טעמפּעראַמענט. א'ע
באַציאונג. ־קייט.
או'מסאַניטאַ'ר — אַדי. אויך: ~
סאַניטאַריש. ניט־ריין; ניט־היגיעניש; וואָס פֿאַרהיט
ניט פֿון קראַנק ווערן, פֿון אָנשטעקן זיך. א'ע

באַדינגונגען. א'ע דירה. „דער געפֿערלעכסטער
מאַטעריאַל איז פֿערד־האָר וואָס ווערט געבראַכט
פֿון א'ע לענדער“, דר, י. מעריסאָן, היגיענע,
1916. ־קייט.
אומסאַנקציאָנירט — אַדי. אומבאַשטעטיקט
פֿון אַ מאַכט, אַמט, אויטאָריטעט. א'ער פּלאַן.
א'ע מאָסמיטלען. ־קייס.

אומסאַפּען

אומסאַפּען — טרוו. ־פּע אום, ~געסאַפּעט.
אוקר (קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובֿ'). 1.
פֿונדאָסנײַ יעטן. א, דאָס ווילדגראָז. 2. אַרומגראָבן.
א, אין גאָרטן די קאַרטאָפֿל און אונטערשיטן זיי.
3. ← דוווו.
אומסאָפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~געסאָפּעט.
אויך: ~סאַפּען. כּסדר שווער און הויך
אָטעמען. א, בײַם אַרויפֿגיין די טרעפּ ־עניש.

או'מסאָצ אַ'ל — אַדי. אומגעזעלשאַפֿטלעך;
אַנטיגעזעלשאַפֿטלעך. א'ע האַנדלונגען ־קייט.

אומסאָצ אָלאָגיש — אַדי. וואָס איז ניט

י

לויט די פּרינציפּן (מעטאָדן) פֿון סאָציאָלאָגיע. איבערגעאײַלטער, א'ער אויספֿיר פֿון אַ צאָל פֿאַקטן ־קייט.

— .

אומסאָציאַליסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט די פּרינציפּן (דעם דרך) פֿון אַ סאָציאַליסט. א'ע פּאָליטיק. ־קייט.

אומסאַקאָטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~(גע)־סאַקאָטשעט. פּפֿ: ~סאַקאָצען. (אויך מיט אָ נאָכן ס). אומקוואָקען; אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן הינער). א, ווי אַ הון אויף דער נאַסידעלע.

אומסאַרדאָניש — אַדי. וואָס איז אָן ביטערער איראָניע. א'ע עפּיגראַמען. ־קייט.

אומסאַרווערן — ־ער אום, ~געסאַרווערט. טרוו אַ לענגערע צײַט, כּסדר סערווירן, דער־--- לאַנגען. א, מאכלים צו דער גרויסער סעודה.

אוטוו אַרומשמײַען, אַרומלויפֿן הין און צו־--- ריק (בײַם באַדינען עמעצן). א, אַרום רבין ווי זײַן שמשׂ.

אומסאָרטירט — אַדי. 1. ניט־סאָרטירט. א'ע

סחורה. 2. ← דווו.

אומסאָרטירן — טרוו. ־טיר אום, ~(גע)סאָר
טירט. 1. סאָרטירן אַ לענגערע צײַט. א, די
זאַכן, מין צו מין און סאָרט צו סאָרט. 2.
איבערסאָרטירן. א, אייער, עפּל אאַזוו.

אומסאַרקאַסטיש — אַדי. וואָס איז ניט
בייז־סאַטיריש; ניט־בײַסיק. ריידן א', אָן סם.
־קייט.

אומסבֿלנות — [...סאַוולאָנע] די, ־ן.
אומפּעאיקייט צו פֿאַרלײַדן; אומגעדולדיקייט;
אומטאָלעראַנץ. אַרויסווײַזן א'. די שלעכטע מידה
פֿון א'. ־דיק — אַדי. ־דיקייט.

אומסבֿלניש — [...סאַוולאָניש] אַדי. וואָס איז
ניט ווי בײַ (וואָס פּאַסט זיך ניט פֿאַר) אַ סבֿלן.
א'ע היציקייט, איבערגעאײַלטקייט. ־קייט.

אומס גאַר — ← אומס. אַרכ. בכלל ניט. „און,
[שלמה] רידיט אויף דיא בהמה...און, אויף דעם
פֿוגיל...און, אויף דיא ווידמונג און, פֿיש דז מן
נישט בידערף צו שעכטן אומש גאַר“, סהמ,
מלכים א, ה, 13.

אומסדר — [...סיידער] דער, ־ס. 1.

אומאָרדענונג; ניט־פּאַסיקער, שלעכטער סדר. ,,צוצוזעהין דען גרויסן אום סדר אצל הנשים ווס...איין חרפּה איז,,, 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא', תנ״ב □□□□□d□□.□□□□h□□־]. ,,און סדר אין פּונקטא סעודת מצוה״, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ,,ז, [ייִבל 2 .[□38 ,I. צופֿעליקער סדר (ניט לויט אַ באַשטימטן סימן). ,,די

ווער6()9

טער זײַנען אָנגעשריבן אין אַן א',, ים, די נײַע שול, 1930. ־דיק — אַדי. ־דיקייט.

אומסדרן — [...סאַדערן] טרוו. סדר אום, ~ געסדרט. איבערשטעלן (לויט אַ נײַעם סדר, אַן אַנדער סימן). א, די ביכער אויף די פּאָליצעס, די צעטעלעך אין קאַרטאָטעק אע.

אומסובאָרדינירט — אַדי. וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפֿן (אונטער אַ געזעץ, העכערער מאַכט) ־קייט.

□

אומסובאָרדינירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט סובאָרדינירן, אונטערוואַרפֿן אונטער אַ

מאַכט. בונטאַריש און א'. א'ע אַרויסטרעטונגען.
־קייט.

או'מסובּטי'ל — אַדי. 1. אומצאַרט, אומאיידל, אומדעליקאַט. א'ער פאַרשוין. א'ע רייד. 2. ניטאויסגעפֿײַנערט; ניט־אויסגעאַרבעט מיט אַלע פּרטים. א'ער סטיל. א'ע לידער. ־קייט.

או'מסובּיעקטי'וו — אַדי. וואָס איז ניט דירעקט פֿון אַ פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט (פֿאַר אַ פּערזענלעכן אינטערעס), אָבער אויך ניט פֿולקום אָביעקטיוו. "ס'איז גענוג ווען מען איז א'. קען מען דען גרייכן צו פֿולער אָביעקטיווקייט?", רייד. ־קייט.

אומסובּלימירט — אַדי. וואָס איז ניט־אויסגעפֿײַנערט; אומדאַפֿינירט; וואָס דערגייט ניט צו אַ העכערער אויסגערייניקטער פֿאָרעם. א'ע נאַטירלעכע דראַנגען ־קייט.

.

אומסובּסטאַנציע'ל — אַדי. אויך ־ציאַל. אוממשותדיק, אומרעאַל, אוממאַטעריעל. אומסאָליד. א'ע פֿאָדערונג, טענה. א'ער היזק. אויסגעקליגלטע א'ע רעכט. ־יטעט. ־קייט.

אומסובּסידירט — אדי. ניט־אונטערגעשטיצט מיט געלט (מצד אַ רעגירונג, אַן אָרגאַניזאַציע). א'ע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג. א'ער סטודענט.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומסובסקריבירט — אַדי. ניט־אַבאָנירט;
וואָס איז ניט באַשטעלט פֿון פֿאָרויס. די א'ע
בילעטן. א'ע עקזעמפּלאַרן.
אומסוגעסטירט — אַדי. וואָס איז ניט
באַווירקט (ווערט ניט געשטויסן) דורך אַ רמז, אַן
עצה, אַן אָנווײַז פֿון אַ צווייטן. אייגענער, א'ער
פּלאַן. א'ער מסירת־נפֿש.
אומס◻דותדיק — [...סוידעס...] אַדי. וואָס איז
ניט על־פּי סוד. א'ע אינפֿאָרמאַציע. ־יקייט.
אומסודותפֿול — אַדי. ← דפֿוו. "א'ע
פֿאַרקליידונגען", מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע
פּרינציפּן.
אומסודיען זיך — אוטוו, קזוו. ־דיע זיך אום,
זיך ~געסודיעט. סל. אַ לענגערע צײַט זיך
משפּטן (אין פֿאַרשיידענע געריכט־אינסטאַנצן).
א, זיך איבער אַ ירושה.
אומס◻דען זיך — אוטוו, קזוו. ־דע זיך אום,
זיך ~געסוֹדעט. אַ לענגערע צײַט איבערגעבן
עפּעס איינער דעם אַנדערן על־פּי סוד; רעדן
אויפֿן אויער. זיך פֿאַררוקן אין אַ ווינקל און
א, זיך.
או'מסווועדע'ן — אַדי. וואָס איז ניט (האָט
ניט די אייגנשאַפֿט) פֿון אַן אייבערהאַר. א'ע

פּראָקוראַטאָרן.

אומסטופּלען

אומסוּוישטשען — אוטון & טרוו. ־שטשע
אום, ~געסוּוישטשעט. סל. אומפּײפן. א, ווי אַ
שייגעץ. א, אַ וואָיענעם [= מיליטערישן] מאַרש.
־עניש. ־ערײַ.
אומסוהריש — [...סאָכריש] אַדי. וואָס איז
ניט אויפֿן שטייגער, ניט לויטן דרך פֿון אַ סוחר.
„ניט האַלטן וואָרט איז א“. א'ע וואַקלענישן.
־קייט.
אומסומירט — אדי. ניט־צונויפֿגענומען (
צונויפֿגעצויגן) אין איין סומע; ניט־פֿאַרסך־הכּלט.
א'ע ציפֿערן פֿאַקטן ־קייט.

אומסומירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט צונויפֿנעמען אין איין סומע. א'ע גרייסן.
־קייט.
אומסוספּענדירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
אָפּגעשטעלט דאָס רעכט, דאָס פֿונקציאָנירן. „די
כונטע האָט אַרעסטירט דעם פּרעזידענט, אָבער
דער פּאַרלאַמענט איז געבליבן א'„.
אומסו□לירט — אַדי. ניט־אונטערגעזאָגט;

וואָס איז אָן אַ סופּליאָר. א'ער מאָנאָלאָג. ־
ערהייט — אַדוו.
אומסהרן — [...סאַכערן] טרוו. סחר אום, ~
געסחרט. דרייען אויף צוריק אַ געשעפֿט;
אַרויסקריגן בײַם (פֿאַר)קויפֿן אַנדערע באַדינגונגען.
א, אַ קניה. לאָזן פֿאַלן האַנטגעלט, אַבי א'.
או'מסטאַבי'ל — אַדי. 1. ניט־דויערדיק,
ניט(שטאַנד)האַפֿטיק. א'ע פּראָנט־ליניעס; א'ע
וואַלוטע. „אויך קאָלירן זײַנען א, און ענדערן זייער
'דעה'", בּ. רעסלער, טמז, 9 XII 1961. א'ע
גלײַכוואָג = ווען אַ קערפּער, וואָס ווערט
אַרויסגעפֿירט פֿון פּאָזיציע פֿון גלײַכוואָג, קומט ניט
אַליין צוריק צו דער גלײַכוואָג־פּאָזיציע.
2. וואַקלדיק, בײַטעוודיק. ניט־באַשטענדיק. א'ע
[illegible] מפּעראַטו [illegible] .. א'ער כאַראַקטער. א'ע טרופּ [illegible]
ט
.
. ניט־אויסגעהאַלטן. א'ע מיינונגען ־יטע
.
— אַרויסווײַזן א'.
אומסטאַביליזירט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט געמאַכט עס זאָל זײַן סטאַביל;
אומאײַנגעשטעלט. אַן א'ע סיטואַציע, יעדער רגע קען
קומען אַן איבערבראָך. ־קייט.
אומסטאַבילקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומסטאַבֿיל. אומפּערמאַנענטקייט, אומשטאַנדהאַפֿטיקייט.
א, פֿון אַ רעזשים. ווירטשאַפֿטלעכע א'.
אומסטאַטיסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט
די מעטאָדן פֿון סטאַטיסטיק. אַן א'ע
פֿאַרסךהכּלונג.
אומסטאַטעטשנע — אַדי. מאַרק ווב.
ניטגעזעצט, ניט־געלאַסן. ווילדע, א, קינדער. זיך
אויפֿפֿירן א'.
אומסטאַנדאַרדיזירט — אַדי. וואָס איז ניט
אײַנגעשטעלט ווי אַ נאָרמע, ווי אַ מאָדעל. א'ער
בּאנוץ פֿון אַ סופֿיקס ־קייט.
—
.
אומסטווענע — אַדי. סל. אינטעלעקטועל.
"אין דעם קומט אַרײַן אַ גרויסער טייל א,
קונסט", צבֿי נימן גאָלאָמבֿ, די בּורזשואַזיע,
וואַרשע 1906.
אומסטופּלען — ← אומשטופּלען.

אומסטוקען

אומסטוקען — ־קע אום, ~געסטוקעט. אוטוו
— כּסדר אַרויסבּרענגען קלאַנגען (ענלעכע צו)
סטוק־סטוק. א, מיטן הילצערנעם פֿוס. טרוו —

אַרומקלאַפּן. א, טשוועקעס אין ברעט ־עניש.

.

אומסטיליסטיש — אַדי. וואָס האָט ניט קיין אויסגעהאַלטענעם סטיל. א'ע שרײַבערײַ. א, מאָלן. ־קייט.

אומסטימולירט — אַדי. וואָס איז ניט אַרויסגערופֿן דורך אַ ספּעציעלן מיטל צו ווירקן, צו פּראָדוצירן. א'ער אָפּרוף פֿון אָרגאַניזם. א'ע רעאַגירונג. ־קייט.

אומסטימולירנדיק — אַדי. וואָס (אַנט)וועקט ניט, שטויסט ניט צו אַ טואונג, אַן איבערלעבונג. באַנאַלע, א'ע רייד. א'ע מיטלען וואָס דער קערפּער האָט זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צו זיי.

אומסטיפּענדירט — אַדי. וואָס ווערט ניט געשטיצט מיט געלט, הוצאות, בײַם שטודירן, פֿאָרשן. א'ע דאָקטאָר־קאַנדידאַטן. א'ע פֿאָרשונג.

אומסטעמפּלען — ← אומשטעמפּלען.

אומסטענקען — אוטוו. ־קע אום, ~ געסטענקעט. פּד. סל. כּסדר קרעכצן, אויקען, אָכצען. א, פֿון צאָנווייטיק. א, ווי אַן אַלטער מאַן.

־עכ ן. ־עניש.

אומסטעריליזירט — אַדי. 1. וואָס איז ניט באַפֿרײַט געוואָרן פֿון מיקראָבן, באַקטעריעס, באַצילן אע (און קען בכן פֿירן צו אַן אָנצינדונג,

אַ קראַנקייט). באַקומען אַן אינפֿעקציע פֿון אַן
א'ן גאָלמעסער. 2. וואָס איז ניט געמאַכט
געוואָרן סטעריל, אומפּרוכטיק, אומפֿעאיק צו
פֿאַרמערונג. ,,עטלעכע א'ע צווישן די
קאַצעטניקעס וואָס מע האָט געהאַט אויסגעטיילט צום
סטעריליזירן,,. ־קייט.

אומסטערעאָטיפּיש — אַדי. וואָס איז ניט
פּונקט אַזוי ווי אַ גרייטער מוסטער, אַ מאָדעל.
א'ע קאָפּיעס פֿון אַ בילד.

-

אומסטראַטיסיצירט — אַדי. וואָס איז ניט
איינגעטיילט (אָפּגעטיילט) אין באַזונדערע שיכטן.
א'ע שטעטלשע איינוואוינערס.

אומסטראַטעגיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט
די יסודות (דעם דרך) פֿון סטראַטעגיע. א'ע
אָפּנקייט וועגן אַלע מלחמה־פּלענער.

אומסטראָיען — טרוו. ־יע אום, ~געסטראָיעט.
סל. 1. אַרומבויען. א, דעם מאַרק מיט קלייטן
פֿון אַלע זייטן. 2. איבערבויען. א, די
פֿייערוואַנט. מיט ז י ך — זיך אַרומפּוצן. זיך א, ווי
צו דער חופּה־וועטשערע.

או'מסטרוקטורע'ל — אַדי. וואָס האָט ניט
קיין שייכות צו סטרוקטור: אויפֿבוי,

צונויפֿשטעל. סטרוקטורעלע און א'ע באַזונדערקייטן פֿון אַ זאָאָלאָגישן אָדער באָטאַנישן מין ־קייט.

.

אשסטריגעווען — טרוו. ־געווע אום, ~ געסטריגעוועט. סטריגעווען פֿון אַלע זײַטן (אַ לענגערע צײַט). „מיר זיצן בײַ סטריגעוואַניע, סטריגעווען אום רעקלעך“, רייד.

אומסילען — טרוו. ־לע אום, ~געסילעט. אַרויפֿציִען אויף אַן אַנדער שנירל (פֿאָדעם). א, די קרעלן אויף אַ שטאַרקערן פֿאָדעם.

אומסימבאָליש — אַדי. וואָס דאַרף ניט ווערן אויפֿגענומען (אויסגעטײַטשט) ווי אַ סימבאָל. אַ פשוטע, רעאַליסטישע, א'ע געשטאַלט. א'ער צונויפֿפֿלעכט פֿון ליניעס. ־קייט.

61()

אומסימעטריע — די, ־ס. היפּוך פֿון סימעטריע; אַסימעטריע; אומפּראָפּאָרציע; אומגלײַכקייט אין באַשטאַנדטיילן. אַן א, פֿון קערפּער־געבוי. א, פֿון אַ בנין.

אומסימעטריש — אַדי. ← דפֿוו. א'ע בלעטער, בלומען. „זײַנען פֿאַראַן א'ע קריסטאַלן?„ א'ע אײַנטיילונג אין קאַפּיטלען. „מחמת דער

א'ער פֿאָרעם פֿון די ברעקלעך,,, מעריסאָן איבז,
ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. ־קייט.
אומסימפּאַטיע — די, ־ס. דאָס פֿעלן פֿון
מיטגעפֿיל. געפֿיל פֿון זײַטיקייט, קאַלטקייט,
אומפֿאַראינטערעסירטקייט [אָבער ניט דאָס געפֿיל פֿון
אָפּשטויסיקייט וואָס דאָס איז אַנטיפּאַטיע]. א, צו
אַ מענטשן, צו זײַנע מיינונגען. ,,די א, צום
קאַנדידאַט שטערט מיר דאָס מאָל צו שטימען
פֿאַר דער פּאַרטיי", רייד.
אומסימפּאַטיש — אַדי. ← דפֿוו. וואָס רופֿט
ניט אַרויס קיין מיטגעפֿיל, קיין ליבשאַפֿט, קיין
פֿאַרלאַנג צו זײַן נאָענט. ,,דער א'ער...דער
אַנאַר,

- ▯

כיסט, וואָס האַלט פֿון דעם כלל אַז מע לעבט
צווישן וועלף מוז מען וואָיען ווי אַ וואָלף", שנ,
דערציילערס און ראַמאַניסטן I. ,,אַזוי איז אויך
א, דער שוישפּילער, וואָס דעקלאַמירט אין
פּריוואַט־געשפּרעך", ווינטש I ▯, נ"י 1927 ־קייט.
.
אומסימפּטאָמאַטיש — אַדי. וואָס איז ניט
קיין קלאָרער (כאַראַקטעריסטישער) צייכן, סימן

(פֿון אַ מצבֿ). א, פֿאַרן געזונט־צושטאַנד, פֿאַרן עלטער. א, פֿאַר דער עקאָנאָמישער סיסטעם. א'ע דערשײַנונג. ־קייט.

-

אומסימסאָניש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן געבוי (שטייגער) פֿון אַ סימפֿאָניע. א'ע קאָמפּאָזיציע פֿאַר אַן אָרקעסטער. ־קייט.

אומסינאָנימיש — אַדי. וואָס האָט ניט דעם זעלבֿיקן (אָבֿער אויך ניט דעם פֿאַרקערטן) באַטײַט. א'ע ווערטער. פֿרייד און סעודה זײַנען א, [פֿרייד און שׂמחה — סינאָנימיש; פֿרייד און טרויער — אַנטאָנימיש].

אומסינטאַקטיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט לויטן גאַנג (די כּללים) פֿון סינטאַקס. א'ע ווערטער־פֿאַרבֿינדונג. 2. וואָס איז מחוץ די גרענעצן פֿון סינטאַקס. א'ע טיילן פֿון גראַמאַטיק.

אומסינטעזירט — אַדי. וואָס איז ניט צונויפֿגענומען אין אַ סינטעז. צעוואָרפֿענע, א'ע געדאַנקען. ־קייט.

אומסינכראָניזירט — אַדי. וואָס עס איז ניט אײַנגעשטעלט, עס זאָל זײַן אין דער זעלבֿיקער צײַט. א'ע מעלדונגען פֿון צוויי מיניסטעריומס. א'ע פֿאַרמעסטונגען. א'ע פֿילמען. ־קייט.

אומסיסטעמאַטיזירט — אדי. וואָס איז ניט
 אײַנגעשטעלט אין (לויט) אַ סיסטעם. א'ע
 מאַטעריאַלן, עקספּערימענטן. ־קייט.
אומסיסטעמאַטיש — אַדי. וואָס איז אָן
 אַ סיסטעם, ניט־כּסדרדיק, אומאָרגאַניזירט.
 אַרבעטן א, און אָנמאַכן פּלאָנטערנישן. א'ע
 באַמיאונגען. אַן א, לערנען זיך. ־קייט.
אומסכּנהדיק — [...סאַקאָ'נע...] אַדי. אויך:
 ~סכּנותדיק [...סאַקאָ'נעס...]. ניט־
 געפֿערלעך; אָנסכּנהדיק, אָנסכּנותדיק. א'ע
 אונטערנעמונגען. אַ ווײַטע, אָבער אַן אומסכּנותדיקע
 נסיעה. ־יקייט.

או'מסענטימענטאַ'ל

אומסכעמאַטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט אַ
 סכעמע, פּלאַן, אָנוואָרף. א, ווערק. א'ע לעקציעס.
 ־קייט.
אומסלינ(י)ען — ־נ(י)ע אום, ~געסלינ(י)עט.
 אוטוו — אַ לענגערע צײַט אַרויסלאָזן סלינע,
 גאַווער. א, בעתן ריידן. טרוו — אַרומנעצן מיט
 סלינע. א, אַ מאַרקע און צוקלעפּן צום קאָנווערט.
אומסמאָטשקען — טרוו. ־קע אוס, ~
 געסמאָטשקעט. אויך: ~סמאָצקען, ~

סמאָקטשען, ~סמאָקצען. דזוו אומטשמאָקען
←. א אַ בּיין ־עניש.

אומסמאַל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אום, ~
געסמאַל(י)עט. סמאַל(י)ען פֿונדאָסנײַ; סמאַליען
פֿון אַלע זײַטן. א, די הון ־עניש.

אומסמאָרען — ־רע אום, ~געסמאָרעט. סל.
אוטוו אַ לענגערע צײַט סמאָרען, אַרײַנציִען

אין זיך מיט אַ פֿײַף דורך דער נאָז לופֿט אָדער
לייכעץ. א, מיט דער נאָניע ווי פֿון (בּײַ) אַ
קאַטער. טרוו — אַרומשמעקן. (גראָבּ). א, ווי
אַ הונט, אַ צויג ־עניש.

אומסמאַרקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געסמאַרקעט. סל. אַ לענגערע צײַט אַרויסבּרענגען פֿון
נאָז סמאַרקע, ראָץ. א, אין אַלע ווינקעלעך.
־עניש.
אומסמיקען — ־קע אום, ~געסמיקעט. אוטוו
— 1. כּסדר פֿירן מיטן סמיק אויפֿן פֿידל
(פֿעיאָ פֿאַר שלעכט שפּילן פֿידל). א, אויפֿן
(איבּערן) פֿידל. 2. אַרומגיין אין צושטאַנד פֿון
שוואַנגערשאַפֿט (וועגן חיות, פּע אָ וועגן

טשן). טרוו — 1. אומצופּן, אומציפּען. א, די
באָרד, די ברעמען, די האָר פֿון די בראָדעווקעס.
2. כסדר גנבֿענען דורך כאַפּן, אַרויסכאַפּן. א,
זאַכן פֿון קעשענעס. מיט ז י ך — קזוו. אָפּט
האָבן סעקסועלן פֿאַרקער מיט פֿאַרשיידענע.
וואול. א, זיך מיט זעלנערס. ־עכץ. ־עניש.

אומסעגרעגירט — אַדי. אומאָפּגעזונדערט,
אומאָפּגעטיילט (לויט ראַסע). פֿירן אַ קאַמף פֿאַר
א'ע שולן אין די דרומדיקע שטאַטן. ־קייט.

או'מסעזאָ'ן — דער, ־ען. שלעכטער,
ניטגעראָטענער סעזאָן. האָבן אַן א, אין דער
קליידער־אינדוסטריע, ווײַל עס הערשט
אַרבעטלאָזיקייט אין לאַנד.

אומסעזאָניק — אדי. וואָס איז ניט לויטן
סעזאָן, לויט דער צײַט פֿון יאָר. „דער רויער
ווינט פֿון אַ טאָג אין אַפּריל מאַכט קיל די
געבליטן א'", לע, בײַס פֿוס פֿון בארג. ־יקייט.

או'מסעלעקטי'וו — אַדי. ניט־קלײַבעריש;
וואָס איז ניט לויט אַן אויסוואַל. א'ע
מיליטערפֿליכט. א'ע אַמטן ־קייט.

.

אומסעלעקטירט — אַדי. אומאָפּגעקליבן.
א'ע מאַטעריאַלן. ־קייט.

אומסעמאַנטיש — אַדי. וואָס איז ניט
פֿאַרבונדן מיטן באַטײַט; וואָס איז ניט לויט די
פּרינציפּן פֿון סעמאַנטיק. א'ע שטודיע ווענן קלאַנגען.
־קייט.
או'מסענטימענטאַ'ל — אַדי. היפּוך פֿון
סענטימענטאַל. „די האַרטע א'ע רעאַליטעט פֿון
דער שטאָט האָט אונדז אַלע געבּיסן“, לע, טאָג,
XI 1955 5. „א'ע באַציאונג צו מערבֿ־
דײַטשלאַנד„, יג, טמז, 7 ▯ 1964 II ־קייט.
.

או'מסענסאַציאָנע'ל
או'מסענסאַציאָנע'ל — אַדי. וואָס רופֿט ניט
אַרויס קיין סענסאַציע; ניט־אויסערגעוויינטלעך.
א'ע נײַס. —קייט.
או'מסענסוע'ל — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
שײַכות צו די חושים. וואָס איז אָן תּאווה. א'ע
ליבע. א▯ע אַבסטראַקציעס. ־קייט.
או'מסענסיטי'וו — אַדי. אומשפּירעוודיק,
גלײַכגילטיק. אַן א'ע באַציאונג צו ייִדישע לײַדן.
־קייט — אַרויסווײַזן א'.
אומסעפּאַרירט — אַדי. ניט־אָפּגעטיילט. א'ע
באַשטאַנדטיילן פֿון אַ מאַשין.
או'מסעקווע'נץ — די, ־ן. 1. ניט־כּסדרדיקייט.

א, אין אַ ריי ציפֿערן. 2. שפּרונג אין אַן
אײַנגעשטעלטער אָרדענונג. א, בײַם ירשנען דעם
טראָן. 3. אומלאָגישער אויספֿיר.

אומסעקולאַריזירט — אַדי. וואָס איז ניט (געמאַכט) געוואָרן סעקולאַר. א'ע מאַיאָנטקעס פֿון דער קירך.

אומסעקטאַנטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך, לויטן אײַנשטעל פֿון אַ סעקטע. אַן אומפּאַרטייאישע, אַן א'ע באַציאונג צום כּלל. ־קייט — „די א, האָט ניט דערלאָזט, אַז מע זאָל הערן אַ ייִדיש וואָרט„, יג, טמז, 5 1954 III.

או'מסעקסוע'ל — אַדי. אומגע יש : ט
(ק

— ־קייט. אויך. ־סואַ .
לעכטלע. א,

פֿאַרמערונג. .

אומסערווירט — אַדי. וואָס איז ניט דערלאַנגט געוואָרן צום טיש. אויפֿהיטן דאָס א'ע עסן.

אומסעריאָזנע — אַדי. סל. ניט־ערנסט. ניטגעזעצט. האַלטן זיך א„ מעשׂה ייִנגל. ־קייט.

אומסעריע'ז — אַדי. אומערנסט. ־קייט.

א'ומספּאָנטאַ'ן — אַדי. וואָס קומט ניט גלײַך, דירעקט, מאָמענטאַל, ווי פֿון אַן אינעווייניקסטן

אימפּולס. אַ בּאַרעכנטער, אַן א'ער ענטפֿער. א'ע רעאַגירונג. אויך מיט ־יש. ־(יש)קייט.

אומספּאָרטסמעניש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן שטייגער (כאַראַקטער) פֿון אַ ספּאָרטסמאַן; ניט־געװנוג פֿרײַגיביק; ניט־געװנוג ערלעך בײַ אַ פֿאַרמעסט. א, קריגן זיך מיטן ריכטער. א'ע קנאה. ־קייט.

אומספּעציאַליזירט — אַדי. 1. ניט־געװנוג אײַנגעלערנט אָדער אײַנגעניט פֿאַר אַ ספּעציעלער מלאָכה, אַרבעט. א, פֿאַר קאָמפּליצירטע מאַשינען. 2. ← דוווו ־קייט.

אומספּעציאַליזירן זיך — אוטוו. ־זיר זיך אום, זיך ~ספּעציאַליזירט. לערנען זיך, געניטן זיך אַריבערצוגיין אויף אַן אַנדער פֿאַך, אויף אַ נײַער ספּעציאַליטעט. איבערקוואַליפֿיצירן זיך. א, זיך צו ווערן אַ צושנײַדער.

אומספּעציפֿיצירט — אַדי. 1. וואָס איז ניט באַשטימט געוואָרן פֿאַר איין ענין, ציל, גרופּע אאַזוו. א'ער באַנוץ פֿון אַ נײַעם אַרטיקל. 2. וואָס איז ניט פּינקטלעך און מלכתּחילה אָנגעוויזן, אויסגערעכנט. א'ער הכנסה־בודזשעט. א'ע באַשטעלונג.

-

אומספּעציסיש — אַדי. וואָס איז ניט געבונדן
דווקא נאָר מיט א י י ן זאַך, ענין, מין, גרופּע,
דערשײַנונג. ניט־טיפּיש, ניט־כאַראַקטעריסטיש.
א'ע סימנים. „תנכישע נעמען זײַנען א'ע ייִדישע

611

נעמען, אָבער די ייִדישע נעמען לייבל, בערל
זײַנען ספּעציפֿיש ייִדישע„, רייד. קראַנקייטן
וואָס זײַנען א, פֿאַר דעם לאַנד. „יעדער א'ער
רייץ (ד„ה וואָס איז ניט פֿאַרבונדן מיט שפּײַז),
...אָנגעווענדט גלײַכצײַטיק מיט דעם ספּעציפֿישן
רייץ (שפּײַז), קען אַליין מיט דער צײַט
אַרויסרופֿן די פּראָדוצירונג פֿון די
פֿאַרדײַאונגזאפֿטן“ פֿגעז, ווילנע 4 1937, No ־קייט.
-
אומספּעקולירן — אוטוו. ־ליר אום, ~(גע)־
ספּעקולירט. 1. אומהאַנדלען (מיט ריזיקע אָדער
ניט־ראַיעל). א, אויפֿן שוואַרצן מאַרק, א, מיט
וואַלוטע. 2. חקרנען זיך אַהין און אַהער. א,
ווענגן פֿרײַען ווילן.

▯

אומסקדיק — [...סאָפֿעק...] אַדי. וואָס איז ניט אונטער אַ ספֿק; זיכער. א'ע מעלות, געווינסן אע. „אויך פֿון אַ צאָל לאַגערן פֿון ווײַסרוסלאַנד...האָבן מיר א'ע ידיעות וועגן אָרגאַניזירטע בונטן“, ישעיה טרונק, צוק, 1963, ▯ I. ־יקייט.

אומסצעניש — אַדי. אומטעאַטראַליש; וואָס איז ניט־געננוג פּאַסיק פֿאַר דער בינע. לאַנגע א'ע מאָנאָלאָגן ־קייט.

.

אומסקאַרבאָווע — אַדי. 1. אומבאַנאַל, אומאויסגעדראָשן. שרייַבן אין אַן א'ן נוסח. 2. ניטאַלטפֿרענקיש, ניט אַלטשטייגעריש, ניט־טראַדיציאָנעל. א'ער ניגון. אויך. ־דיק.

.

אומסקיצירט — אָדי. ניט־אָנגעצייכנט אין אַלגעמיינע שטריכן. א'ער פֿאַסאַד פֿון בנין.

אומסקעפּטיש — אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך ספֿקות, אומזיכערקייט. א'ער ענטפֿער פֿון אַ געשוואָרענעם אָפּטימיסט ־קייט.

.

אומסקראָבען — טרוו. ־בע אום, ~

געסקראָבעט. פּפֿ: ~שקראָבען. אומקראַצן, אומשאָבן. א אַ מולטער. א, דאָס טייג פֿון מולטער.

,

א, די פּאָדלאָגעס. ־עכץ. ־עניש.

אומסקריפּע(נע)ן — ־פּע אום, ~געסקריפּעט. אוטוו — סקריפּען אַ לענגערע צײַט. א, מיט דער טיר. טרוו — געדויערדיק און שלעכט שפּילן (אויף אַ פֿידל אע), פּעיאַ. א, אַ מעלאָדיע. ־עניש.

אומסרהען — [...סאַרכען] אוטוו. ־חע אים, ~געסרחעט. אויך: ~סרהענען, לד. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן שלעכטן ריח. א, אַז ס'זאָל פֿאַרכאַפּן דעם אָטעם.

אומסתירהדיק — [...סטירע...] אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך קיין קאָנטראַדיקציע; אומווידעראַנאַנדיק. א'ע טעאָריע. א'ער וועלטבאַנעם. ־יקייט.

אומע — די, ־ס. ← אָמ(ע).

אומעבֿרידיק — [...אי'וורע...] אַדי. 1. וואָס קען ניט לייענען עבֿרי. אַן אַלטע א'ע פֿרוי. „יאָ, דער אמתער ידען! ער איז דאָך א'", רייד.

2. וואָס קען ניט לייענען און שרײַבן (אויף קיין איין לשון). אַן א'ער און שטעלט זיך אַרויס פֿאַר אַ גאַנצן קענער. ־יקייט — אויסראָטן

א,.
אומעגאָאיסטיש — אַדי. וואָס איז אָן
איבערגעטריבענער ליבשאַפֿט צו זיך אַליין.
אומאייגננוציק. האַנדלען א'. א'ער מאָטיוו. ־קייט.

אומעט
או'מעגאַ'ל — אַדי. אומגלײַך. א'ע לענג. א'ע
ווערטן.
אומעד'ום — אַדוו. דזוו אומעטום ←.
< um un(1(e) um. [די פֿאָרעם מיט ד
זעלטענער אין ליטרש, שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין
גערעדטן לשון פֿון: פּד, גאַליציע, פּאָד, אַנדערע
אוקר]. „אומדיס זענען השי„ת אויגן פֿול„, מס,
משלי, תּקע„ד, טו, 3. „דער ייִד...איז פֿול די
וועלט, ער איז א'„, גאָר, די באָרד, זשיטאָמיר
1868. „וואוהין זאָל איך איצט גיין אין אַזאַ
גוס־רעגן? מע מוז שוין גאָר א, שלאָפֿן„, בּ.
שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 19ll.
־יק — אַדי.
אומעדוקאַציע — די. מצ נב. אומפּאַסיקע,
שלעכטע דערציאונג אָדער אויסשולונג. א, אין
מלחמה־צײַטן.
אומעדוקירט — אַדי. ניט־אויסגעשולט,
אומגעבילדעט. אַן א'ער, אָבער מיט פֿײַנע המצאָות.

אומעדותן זיך — [...איידעסן] אוטוו. עדות
זיך אום, זיך ~געעדותט. כסדר נעמען עמעצן
(אַ צאָל) ווי עדות אָדער עפּעס ווי אַ ראַיה (אַז
מע זאָגט דעם אמת). א, זיך מיטן שטאָטליגנער.
א, זיך מיטן נעכטיקן טאָג.
או'מעדיטאָריע'ל — אַדי. וואָס דריקט ניט
אויס (גיט ניט איבער) די מיינונג, שטעלונג
(אײַנשטעל) פֿון רעדאַקטאָר, רעדאַקציע פֿון אַ
צײַטונג. וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום
עדיטאָריעלן אַרטיקל. „די א'ע אומפּאַרטייאישקייט
פֿון...נײַס־באַריכטער איז אַן אײַנרעדעניש, ווײַל
דער מענטש מוז אַרויסקריכן„, יג, טמז, I׳׳י 5
1964. ־קייט.
אומעדיק — אַדי. דזוו אומעטיק. ספּאָראַדיש
אין גערעדטן לשון, זן אין ליטרש. „אַ שטיקל
התלהבֿות...נאָר אָבער אויך קורץ, א, און נאָר
אין זיך„, יִיל, פּוילישע ייִנגל, 1895. „עפּעס
הערט זיך אַ שטיל א, ניגונדל„, ממוס, פֿישקע.
„אין דעם א'ן צפֿון„, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. ־יקייט
— „מיר פֿילן די לײַדן פֿון דער וועלט; די א,
פֿון דער מענטשהייטס ענדע“, י. באָוושאָווער,
גש, נ„י 1911.
אומעולם־הבּאדיק — [...אוילעם־האַ'בּע...]
אַדי. וואָס האָט ניט קיין שײַכות (פּאַסט זיך

ניט) צו יענער־וועלט (לויט ייִדישע
פֿאָרשטעלונגען און באַגריפֿן). די א'ע גערמאַנישע
וואַלהאַלע ־יקייט.

.

אומעולם־הזהדיק — [...אוילעם־האַ'זע...] אַדי.
וואָס האָט ניט קיין שײַכות צו דע'ר־וועלט; וואָס
איז אָן חושימדיקע, סענסועלע פֿריידן, הנאָות.
א'ער תּענוג. ־יקייט.
אומעוסקן זיך — ← אומעסקן זיך.
אומעזותדיק — [...אַ'זעס...] אַדי. וואָס איז אָן
אַראָגאַנץ, אָן חוצפּה. אַן אומבאַשיידענער, דאָך
אַן א'ער אַרויסטריט ־יקייט.

.

אומעט — דער, ־ן. < אוממוט, ←. פֿרגל
אומער. 1. געדריקטער צושטאַנד פֿון געמיט;
שווערגעמיט. גרינגע פֿאָרעם פֿון מעלאַנכאָליע;
געדויערדיקע שלעכטע שטימונג, וואָס גרענעצט
זיך מיט עצבֿות (← אומעטיק). „אַזאַ בליק אין
וועלכן עס ליגט אויסגעדריקט...א, און זאָרג“,
ממוס, 'אַ גרויע האָר'. „עפּעס אַ משונה־מאָדנער

אומעט

א, האָט זיך אויסגעגאָסן איבער אַלעמען„, שע,

קליינע מענטשעלעך. „א, איז גאָר דער היפּוו פֿון חסידות. א, איז אַזוי ווי דינען אָפּגעטער, רחמנא לצלן“, זש, שקלאָווער קינדער. „ניט אויסצומישן און צו פֿאַרטומלען די שׂמחה פֿון דעם נפֿש מיט דעם א, פֿון דעם גוף“, תּניא, 80. „ס'פֿאַלט אויף דעם מלאך אַן א', ער קערט זיך צו גאָט מיט אַ טרער„, יהואָש, 'דער געפֿאַלענער מלאך'. „דער אויסגעשטאָפּטער הירש אויף דער וואַנט מאַכט אומעטיקער נאָך דעם א, פֿון דער שענק“, מ. נײַגרעשל, צוק, אָקט, 1960. 2. די. זן. זייער שלעכט וועטער; גרויסער רעגן. „האָט זיך געמאַכט אַ שרעקלעכע א, און עס האָט געדויערט בּיז פֿיר אַזייגער נאָך האַלבּן טאָג„, איסטאָריע.

אומעט — קאָנווערבּ. קומט בּמקום א ו ם אין פֿאָלקסטימלעכן אופֿן רעדן, ספּעצ בּײַם סוף זאַץ פֿאַר אַ פּאַוזע און אין פֿאַרשיידענע פֿאַלן, —,

ווען דער איבּעריקער טראַף העלפֿט מאַכן ריטמישער די רייד. פֿרגל: אַוועקעט, אויסעט, אויפֿעט. „קומט צו זיך און קוקט זיך א, אומעטיק און פֿול מיט טרערן„, בּראָד, אַלדאָס גוטס. „זע, זע, ער קערט זיך א'!“, רייד.

אומעטו'ם — אַדוו. דזוו אומעדום ←. [ט

באַווירקט אויך פֿון אומעט, ← דפֿוו.] 1. אין אַלע ערטער. דאָ און דאָרט און א'. א, איין וועלט.
„מע קען א, באַגראָבן ווערן“, שוו. „ניט א, וואו מע פֿלאַנצט וואַקסט אַרויס אַ בלימל„, שוו. „א, איז גוט, (און) אין דער היים איז (נאָך) בעסער„, שוו. „כּדי דו זאָלסט באַגליקן א, אַוואו דו וועסט גיין“, תּי, יהושע, א, 7 ['בכּל אַשר...']. „אַנשי בליעל וויא עשׂ צו ברלין אונ, אומיטום גיבּט זיך אצלו גימכט„, גה, 217. „באַלד צוויי טויזנט יאָר גיי איך, ייִד, אַרום, / איך בין פֿול די וועלט, איך בין א, / און א, געהאַסט„, נאָר, יודישע לידער, וואַרשע 1882. *זײַן פֿול א, = אויך: זיך מישן אין אַלץ.
2. בײַ יעדער סיטואַציע, מצבֿ. „א, איז גוט הילף, נאָר ניט בײַ דער שיסל„, שוו. „אוי ווי אומגליקלעך איך בין א'„, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. „איך זאָל א', א, דיך דערפֿילן — אין מינדעסטן ווינטל, אין ווינטיקסטן שטויב“, אַל II. *א, אַרײַנשטעקן די נאָז = זיך אַרײַנמישן בײַ יעדער געלעגנהייט.
3. בײַ יעדער איינעם. “א, סודות. יעדער מענטש, יעדע באַשעפֿעניש איז אַ סוד, ספּ, סודות. „מיט מיטגעבראַכטן ברויט איז מען א, אַ גוטער אורח“, שוו.

4. שטענדיק. אָן אונטערשייד. „ייִדישער כריין איז א, בּיטער“, שוו [פּאַראָדיע אויף: „ייִדישער חן איז א, שיין□]. „אַז עס רעגנט, רעגנט עס א',„ שוו. *זײַן א, = אויך: זיך נעמען צו פֿאַרשיידענע אַרבּעטן, שליחותן; זײַן אַ קאָכלעפֿל. ← אומינקעטום.

אומעטומיק — אַדי. וואָס איז אומעטום, אַרום און אַרום. „דער גרויסער אַלגעמיינער, א'ער און ערנסטער קאַמף“, ווינטש I, נ„י 1920. „א'ע פֿאַרשפּרייטקייט„, ימ, 1921. „די א'ע עראָטיק„, ימ. „פֿונקען...פֿליִען □רונד־אַרומיק, זיי צינדן בּייזע שׂריפֿות אָן — אַלזײַטיק, א'„, לע, אַ ייִד אויפֿן ים. „זײַן שטענדיק און א, שטרעבּן“, י. האָפּער, 1957.

אומעטומיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומעטומיק. די ייִדישע א'. די א, פֿון אונדזער שעפֿערישקייט. [אויפֿגעקומען ווי אַ טערמין פֿאַר דער גלאָבּאַלקייט, דער כּדורהאָרצדיקייט פֿון שעפֿערישן זײַן פֿון ייִדישן פֿאָלק אומעטום איבּער דער וועלט, ווי אַ דע□

רגאַנצונג צו: ד אָ א י ק י י ט פֿאַר דעם פּאָזיטיוון
אויפֿנעמען דאָס לעבן אויף די ערטער און
ד אָ ר ט י ק י י ט פֿאַרן שטעלן אויפֿן ערשטן
אָרט דעם ייִשובֿ אין ארץ־ישׂראל.] „מיר זײַנען
פֿאַר דאָאיקייט, דאָרטיקייט און א'„, ימ, 1926.
אומעטומקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט
צו זײַן אומעטום. „יעדנס וואַרטונג וואַרט ער
דורך אַליין אין דער א'“, אַל I. „מ'מוז בפֿירוש
באַוואונדערן [זײַן] א, און עקספּערטישקייט“,
יג, תּוך.
אומעטיק — אַדי. ← אומעט, דער. ←
אוממוטיק. 1. וואָס איז אין אַ געדריקטער
שטימונג, מיט אַ שווער געמיט. אַן א'ער מענטש.
ס'איז מיר א, אויפֿן האַרצן. „עטליכי וואוכן
דער נאָך האבּ איך אַבֿרהם הנ„ל גיזעהן און
מוטיג, דא האבּ איך אין גיפֿרעג', וואָרו, ער
זיך אַזוי ווייא טוט“, 'שו“ת מהרשל', 80, לובלין,
1599 [השׁ I]. „אַן א, האַרץ ווערט בײַ זיך
אַליין שפֿל„, מס, משלי, תּקע“ד, טו, 13. „אַ
בדחן מאַכט גאַנץ קהל פֿריילעך און אַליין איז
ער א„„, שוו.
2. וואָס דריקט אויס אומעט. א'ע אויגן.
„גיסט אויס זײַן שווער געמיט אין א'ע קולות„,
ממוס, שטורעמצײַט. „אַזוי פֿיל האַרצווייטיק...

אַן א'ער, זייער אַן א'ער ניגון“, ממוס, קליאַטשע. „נאָך דעם יום־טובֿ מיט זײַן ליבלעכן אַתּה־בחרתּנו...קומט די וואָכעדיקייט מיט איר א'ן והוא רחום“, ממוס, שלמה.

3. וואָס ברענגט אַרײַן אין אַ געדריקטער שטימונג. אַן א'ע דירה, סבֿיבֿה אאַזוו. א'ע ווענט, פֿאַרחושכטע, אָן אַ בילדל.

4. טרויעריק. א'ער סוף פֿון אַ דערציילונג, פֿילם. “מע האָט זיי גרויסע יסורים אָנגעטאָן... איז דער בע“ש זייער א, געווען. אַז ער איז געגאַנגען אין מקווה אַרײַן, האָט ער זייער געוויינט„, שבֿחי בעשט. „זומער־לעב...דאָס האַרץ פֿרייט זיך...דענסמאָל הייבט בײַ ייִדן זיך אָן די רעכטע א'ע צײַט, צו קלאָגן און פֿאַרגיסן טרערן“, ממוס, פֿישקע▯ „הערט ער ווי ער פֿרעגט: וואָס ביסטו אַזוי א'? האָט אים ר, יוסף געענטפֿערט: עס זײַנען איצט שווערע צײַטן„, לדבֿ, נ„י תשי„ן.

5. לאַנגווײַליק, פּוסט, מאָנאָטאָן, אומהיימלעך. „אסתּרן האָט אָנגעהויבן ווערן א, אַליין צו שפּאַצירן„, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „א, ווערט אים, נמאס אים די שטובֿ, ס'ציט אים אין טעאַטער שוין, אין קלובֿ“, ממוס, יודל. 6. טונקל, גרוי, אָנקאָליריק. א▯ער קאָליר. “פֿון א'־גרויאיקן

רוים, וואו פֿייגל באַוועגן זיך קוים", אַר, 'געבּעט
צו דע□ר זון'. "און עס קויקלען זיך די טראָפּן
אויף די א'ע שויבּן,,, אַר, 'האַרבּסט־לידער'.
7 פֿאַרדאגהט. ,,פֿאַרקליבּן האָט אַן א'ע
.
קוואָטשקע זיך אַהין, צו איר באַרוף זיך אַ
געלעגער דאָרטן אויסגעסדרט,,, פּמ, מלחמה.
אומעטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומעטיק. ,,צו

או'מע'כט

רייניקן זײַן האַרץ פֿון יעדער א,,,, תּניא, סה.
,,דער סוף פֿון שׂמחה איז אָפֿט א',,, מס, משלי,
תקע"ד, יד, 13. ,,דרום האָט די תּורה און כּמה
נבֿיאים אָנגעזאָגט, מע זאָל זעען געבּן יום־טובֿ
אַלמנות און אבֿיונים, כּדי די שׂמחה פֿון
יומטובֿ זאָל ניט זײַן אַ טובֿה צו מער א'", ר, יעקבֿ
מדובּנא, משלי חכמה, ווילנע תּר,,ן. ,,
מיטגעטראָגן צוזאַמען מיט זײַנע א'ן און מרה־שחורהס
און אייבּיקע ציטערנישן,,, ייִט, פּוילן I.
אומעטיקלעך — אַדי. וואָס איז אַ בּיסל
אומעטיק. ,,אין דרויסן איז נאַס, קאַלט און
אים איז עפּעס א, אויפֿן האַרצן", ממוס, שלמה.

,,מיר איז גאָרנישט, מיר איז נאָר אַ ביסל א',,,
ווײַס, קנאה און תּאווה. ,,האָט א, געוויגט מיטן
בעדדיקן פּנים", אָקרוטני, טמז, 18 ▯ 1953 I.
אומעטיקן — אוטוו, אומפּ. עס אומעטיקט,
געאומעטיקט. זײַן אומעטיק. ,,און מיר א, מיט
דיר,,, נאַד.
אומעטיקן זיך — אוטוו. ־טיק זיך, זיך
געאומעטיקט. זיך געפֿינען אין מצבֿ פֿון אומעט,
עצבֿות. זיך א, אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם העק.
,,איידער מיר וועלן זיך פֿרייען און א, מיט דעם
דיכטער", מלך ראַוויטש, קוד, אָקט, 1962.
או'מעטיקע'ט — דער. מצ נבֿ. סכום פֿון
ניטפּאסיקע פֿאַלש־קאָפּירטע פֿאָרמאַליטעטן פֿון דער
—
,
איידעלער, העכערער געזעלשאַפֿט. דער א, פֿון
אָלרײַטניקעס.
אומעטיקערהייט — אַדוו. ← אומעטיק.
,,ווי דער שטייגער פֿון אַ קראַנקן מענטש וואָס
ליגט א', אָפּגעריסן פֿון זײַן פֿאַמיליע", מע ▯ tזיות
נוראים (פֿון ראַדזימינער רבּין), פּיעטריקאָוו
תרע,,ד.
אומעטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט די
יסודות, פּרינציפּן פֿון עטיק; אוממאָראַליש. אַן
א'ע, אַ ציניש באַציאונג. ,,אַז דער יונגער

מענטש פֿרייט זיך ניט מיט זײַן יוגנט, מאַכט ער
אַ פּגם אין גאָטס באַשאַף, ער איז א',,, אפֿא,
געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש ־קייט — ,,דער
.
באַשלוס...איז מאָטיווירט פֿון פֿולשטענדיקער
איבערצײַגונג אין דער א, פֿון סעגרעגאַציע“,
טמז, 15 ▯ 1963 I.

אומעיקרדיק — [...איקער...] אַדי. וואָס רירט
ניט אָן דעם תּוך, די הויפּטזאַך. א'ע טענות,
פֿראַגעס אע ־יקייט.
— .

או'מע'כט — אַדי. 1. פֿאַלש, נאָכגעמאַכט,
ניט־עכט. א, געלט. אַן א, בילד. ,,ווײַטער ווי די
ערשטע צען זײַטן האָב איך ניט געקענט
אַראָפּשלינגען, אַזוי פּריקרע זיס, סענטימענטאַל א',,,
קאָר 2 .I. ניט־נאַטירלעך. א'ע פּערל. א'ער
האָניק. 3. וואָס איז מיט אַן אָנשטעל,
געקינצלט, צבֿיעותדיק, ניט־אמתדיק. א'ע רייד.
א'ע פֿרומקייט. א'ער מענטש.

▯ א, קינד = אומגעזעצלעך קינד, ממזר. ,,דאָס
גאָלו איידלט יעדע זינד, און מאַכט ריין אַן א,
קינד,,, אמד, אמרי בינה, ווילנע 1864. *א'ע
ב ר ו כ צ אָ ל = ווען דער ציילער איז גרעסער
ווי דער טיילווײַזער און איז מער ווי אַ גאַנצע.

אויסשליסן אַ גאַנצן פֿון אַן א'ער בּרוכצאָל — למשל, פֿון — 1. ־קייט — „ער פֿײַניקט זיך מיט זײַן א'„ ימ, 1930.

אומעכטיקן

אומעכטיקן — טרוו. אַרכ. M d um־a] en].
שעצן, אַכטן, לייגן אַכט. „שטיט אין ישעיה רוח מלפֿני יעטוף...דאשׂ איז טײַטש דער ווינט צו פֿר מיר ער אונעכטיגט“, בּראַנט.
אומעלאַסטיש — אַדי. ניט־ציִעוודיק, ניטבּייגעוודיק, ניט־נאָכגעבּיק. האַרטע, א'ע מאַטעריאַלן. א'ע טאַקטיק ־קייט.
.
או'מעלאָקווע'נט — אַדי. ניט שיין־רעדנעריש. שׂכלדיקע, הגם א'ע רייד. ־קייט.
אומעלימינירט — אַדי. וואָס בּלײַבּט אומבּאַזײַטיקט. א'ע סיבּה פֿון קריזיס.
אומעלע — [מיטן קלאַנג u] צ מען.
פֿאַרצויגן פֿון אַבֿרהם ←. אויך: „[אַ]
פֿאַרצאָגטקייט ליגט אײַנגעקריצט אויף א'ס שמאָלער, שפּיציקער גאָמבּע„, יהושע שפּיגל, ליכט פֿונעט אָפּגרונט, נ“י 1952.
או'מעלעגאַ'נט — אַדי. וואָס איז אָן גוטן

געשמאַק, אָן גלאַנץ; ניט־ראַפֿינירט, ניט־
אויסגעפּײַנערט. זײַן געקליידט א'. זיך אויפֿפֿירן א'.
־קייט.

או'מעלעגאַ'ן — די, ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער
מצבֿ פֿון זײַן אומעלעגאַנט. ← דפֿוו. די א, בײַם
אַרויסשטעלן זיך מיט עשירות.

או'מעלעמענטאַ'ר — אַדי. ניט־ערשטיק,
ניט־פּשוט; וואָס איז ניט אויף אַ נידעריקער
מדרגה (פֿון וויסן, באַנעמען). א'ע און אַפֿילו
גאַנץ קאָמפּליצירטע פֿאָרמלען, אויסרעכענונגען.
־קייט.

או'מעלעקטריפֿיצירט — אַדי. וואָס איז ניט
אַריבערגעפֿירט געוואָרן אויף עלעקטרישער
ענערגיע. "אויך נאָכן פֿינפֿיאָרפּלאַן זײַנען די
פֿאַבריקן נאָך אַלץ א'".

אומעלעקטריש — אַדי. ניט־עלעקטריש. די
עלעקטרישע און א'ע אייגנשאַפֿטן פֿון די
באַשטאַנדטיילן פֿון אַטאָם.

אומעמאַלירן — טרוו. ־ליר אום, ~עמאַלירט.
פֿונדאָסנײַ באַדעקן מיט עמאַל. א אַ שילד.

,

אומעמאַנסיפּירט, ־ציפּירט — אַדי.
ניטבאפֿרײַט פֿון אומגלײַכקייט פֿון שקלאַפֿערײַ. די
—
,

עמאַנסיפּירטע ספֿרדים און די א'ע אַשכּנזים.
די א'ע פֿרויען פֿון די מזרח־לענדער.

או'מעמאָציאָנע'ל — אַדי. וואָס רירט ניט אָן די געפֿילן. אַ שׂכלדיקער, א'ער ענטפֿער. „אירע אויגן האָבן זיך פֿאַרנעפּלט, נאָר איר שטימע איז געווען א'", א. גילנער, טמז, XI 1963 22. ־קייט.

אומעמפֿינדלעך — אַדי. דטשמ. נר.

אומפֿילעוודיק, אומשפּירעוודיק. „איר זענט אויך בּראַוו ...איר זאָלט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ פֿון דער א'סטער פֿרוי", די דראַמע פֿאָן פּאַריז [איבּז], בּוקאַרעשט [יאָר?]. ־קייט — „ לאָקאַלע א'", פֿגעז, ווילנע 5 1940, No.

אומען — זן. מצ פֿון אום, דער ←. „דער יסוד פֿון דער ייִדישער אמונה איז אחד, דער מאָנאָטעאיזם, דעריבּער איז בּײַ ייִדן שטאַרק חשובֿ די איינס און בּמילא אַלע אומען; להיפּך פֿילן ייִדן אַ ווידערווילן צו דער צוויי, וואָס איז מרמז אויף שתּי רשויות — צוויי הערשאַפֿטן, ד"ה צוויי געטער אינעם וועלטבּאַשאַף", אַבֿרהם רעכטמאַן, ייִבֿל XI־II.

אומענד — די (דער?), ־ן. אומענדלעכקייט, אין־סוף. „מעטעאָריש שווינד צו שטראַליקע א'ן“, חיים גילדין, 1921. „דער בליק שטעכט אַדורך די אַטאָמען פֿון א'“, סוצ, וואַלדיקס. „איך וויל מיט מײַנע הענט — די א, און די ענד — גאָטס מענטשן בענטשן“, בראָד, גש. „אַ פֿונק וואָס איז אַ בליץ פֿון דעם גרויסן א'“, יג.

אומענדגילטיק — אַדי. וואָס גילט ניט ווי דאָס לעצטע. אַן א'ער באַשלוס. ־יקייט.

אומענדיק — אַדי. נעאָל. אומענדלעך. „ס'האָט אַ שאַרפֿע בענקשאַפֿט מיך אַרומגעכאַפּט א, נאָך אַמעריקע“, לע, אַמעריקע און איך. ־יקייט — „גיי איך זיך איצטער פֿאַרברידערן מיט דער געגאַרטער א, הינטער די בערג,,, סוצ, וואַלדיקס.

אומענדלעך — אַדי. 1. וואָס איז ניט באַגרענעצט אין צײַט. א'ע אַנטוויקלונג. א'ע דורות. „אישׂט דשׂ איינר אונ, ענדליך אישׂט“, כּ,,י, 'בנימינס שבת־ליד', [וינבל XIII, 1▯2, 174], באַלד נאָך של“ד [לויט ביר]. „דאָך א, איז זײַן מאַכט, ווער שעפּט זי אויס מיט רייד“, פּרץ, איבז אַקדמות. „דער צער פֿון דער וועלט איז א, און גרויס“, אר, 'אָ, לײַטער זיך'. „מײַן אויג פֿאַרנעמט דײַן אויפֿלויכט א'“, הל, טרעבלינקע.

2. וואָס איז ניט באַגרענעצט אין רוים. א'ער רוים; א'ער געשפּרייט. „קוקן אויף דעם א'ן אויסגעשטערנטן הימל“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „אונדזער רוים — ביי זיין גאַנצער אומבאַגרענעצטקייט — קאָן פֿאַר קיין פֿאַל נישט זיין א, גרויס“, יאַשונסקי איבז ה. שמידט, דאָס וועלטבילד, וואַרשע 1923.

3. וואָס איז ניט באַגרענעצט אין צאָל, מאָס, פֿאַרנעם. א, שטייגנדיקע גרייס. א'־גרויס. א'־קליין. א'־קליינע גרייסן. „איטלעכע פֿאַרענדערלעכע גרייס, באַטראַכט אין פּראָצעס פֿון איר א'ער פֿאַרקלענערונג, ווערט אָנגערופֿן א'־קליינע גרייס“, אַלענ I, 317. „דעם צדיק פֿאַר זיין פּטירה...דעם גרויסן א'ן שׂכר וואָס פֿאַר אים אָנגעברייט איז“, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע◌ות II, סאַטמאַר תּרל“ב. „און צדיק שאינו גמור איז דער וועלכער האָט ניט פֿיינט די סטרא־אחרא מיט אַן א'ער פֿיינדשאַפֿט“, תּניא, טו, כט.

4. דויערעוודיק, זייער לאַנג. א, ווי שבֿעה־עשׂר בתּמוז [ווייל אָנהייב זומער, דער לענגסטער תּענית לויט דער צאָל שעהן]. „ווי א'...עס לייכטן קינדעריאָרן“, יג, תּוך. 5. זייער וויכטיק. איר פֿאַרוואָס נישט אויסדריקן דעם א'ן

גע. ,, —
דאַנק אַז אין דעם קלענסטן צאָן קאָן זיך פֿאַר
האַלטן דער גרעסטער ווייטיק", נאַד.
אומענדלעכקייט — די (דאָס), ־ן. 1.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומענדלעך. "מיר פֿאַלן מיטן פּנים צו דײַן זאַמד און
בייגן זיך פֿאַר דײַן א'", א. שומיאַטשער, אין
שעהן פֿון ליבשאפֿט. ▫ געשלאָסענע (
פֿאַרשלאָסענע) א, — וועն אַ קייט (קאָנווייער) פֿון אַ
מאַשין דרייט זיך כּסדר און קומט צו דעם
זעלביקן פּונקט מיט דעם זעלביקן טיילכל.
,,[בײַם באַשרײַבן אַ וועבמאַשין] נאָכן לעצטן
קאַרטאָנדל פֿון דער קאָמבינאַציע פֿאַלט צוריק
צו דאָס ערשטע: אַלע קאַרטאָנדלעך זײַנען

פֿאַראומענטוזיאַסטיש

אייניקט אין אַ פֿאַרשלאָסענער א'", ע. איזראַ,
צײַג, קיִעוו 1928.
2. מאַטעמאַטישער באַגריף, באַצייכנט ∞.
לימיט פֿאַר אומענדלעך־גרויסע צאָלן (ווי נול
איז דער לימיט פֿאַר אומענדלעך־קליינע). 3.
פֿילאָסאָפֿישער באַגריף. ← אין־סוף. אין נאַטור
פֿילאָסאָפֿיע: נ ע ג אַ ט י וו ע (רעלאַטיווע) א,

— פֿארניינונג פֿון ענדלעכקייט; פּ אָ ז י ט י ו ו ע

— —

(אַבּסאָלוטע, געשלאָסענע) א, = א, ווי אַ סימן
מובֿהק פֿון אומענדלעכער אויסגעשפּרייטקייט.
„נײַע קאָסמאָלאָגישע טעאָריעס וואָס לייקענען
אָפּ די א, פֿון דעם וועלטרוים...לויט זיי קענען
מיר דענקען די וועלט ניט ווי אַן אומענדלעכע,
נאָר ווי אַן ענדלעכע, הגם אומבּאַגרענעצטע„,
אַלענ 317 ,I.

אומענדערבּאַר — אַדי. דטש מ. נר. וואָס מע
קען ניט בּײַטן. „די כעמישע עלעמענטן, וועלכע
מ'האָט אַמאָל געדענקט אַז זיי זענען אייבּיק
און א', זענען...אַנטוויקלט געוואָרן פֿון איין
אורשטאָף“, ש. בּלום, דעך בּוים פֿון לעבּן,
נ“י 1931.

אומענדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומענדערן ←. שינוי, אומבּײַט,
אומאנדערשונג. “ווי פֿאַרשיידן עס זאָל ניט

— ...

זײַן אונדזער שטעלונג צו דעם פּראָצעס פֿון
סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע א'ען“, טאָז, וואַרשע
1929, No 1־2. „די א, פֿון די בּאַדינגונגען ווערט
געמאַכט אַזוי...“, בּ. האַלפּערן, האַנטבּוך...פֿון
אַ פֿאַלקסבּאַנק, ווילנע 1922.

או'מע'נדערלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
בײַטן, ניט מאַכן אַנדערש. „נאָר השי״ת אַליין,
ער הייבט און מאַכט נידעריק...און דאָס איז א'״,
ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע▯ות II, סאַטמאַר
תּרל״ב.
אומענדערן — טרוו. ־ער אום, ~געענדערט.
פּר. אָפּט ליטרש. אומבײַטן, אומאַנדערשן. „די
קליידונג פֿון נײַ־געבוירענעם מוזן זײַן גאַנץ
איינפֿאַך (פּראָסט)...און זאָל אַזוי געמאַכט ווערן
אַז מע זאָל קאָנען לײַכט א, זיי„, מלכּה
בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. „ווײַל
אַזעלכע פֿרומע לײַט ענדערן אום זייער מזל צו
גוטן דורך תּשובֿה, תּפֿילה און צדקה״, איבּז
פֿון ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע 1882.
„די פֿילאָזאָפֿן האָבן ביז איצט געהאַלטן אין איין
דערקלערן די וועלט...אָבער די זאַך באַשטייט אין
א, זי„, מ. גיטליץ [איבּז פֿון קאַרל מאַרקסן],
מאָסקווע 1932. „אַוודאי איז דאָ די וואָר אַזאַ
וואָס שיילט און ענדערט אום געשטאַלטן״,
א. שומיאטשער, אין שעהן פֿון ליבשאַפּט.
מיט ז י ך — ״זי האָט שוין פֿאַרלאַנגט
צירונג און טײַערע קליידער און האָט זיך
אינגאַנצן אומגעענדערט״, [אמד], הנסיון, ווילנע
1856. „ווי ווײַט אונדזערע ייִדעלעך האָבן זיך

דאָרט [אין וואַרשע] אומגעענדערט צײַט דרײַסיק יאָר“, מ. ראגער, אַ ראָמאַן פֿון דער קליינשטעטלדיקער ראַצעלען, וואַרשע 1887.
אומענטוזיאַסטיש — אַדי. ניט־באַגײַסטערט; וואָס איז אָן התלהבֿות. אַן א'ער אָפּרוף אויף הייסע רייד. זיך נעמען צו אַן אַרבעט א'. אויפֿנעמען עפּעס נײַס א', קאַלט. ־קייט.

אומענטום

אומענטום — דזוו אומעטום. „דען שרעקין איז אומנטום“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, מו, 5. „מן עשׂט אומנטום ברוט אין דער וועלט“, צוכט. [ניט בלויז אַרכ. אויך פֿטמ ביזן סוף 19. י„ה.]
אומענטפֿערלעך — אַדי. סטוטש. וואָס מע קען ניט אויף דעם געפֿינען (געבן) אַן ענטפֿער. א'ע פֿראַגעס, שאלות, קשיות ־קייט.

.

אומעניוות — [...אַניוועס] די (דאָס), ־ן. אומבאַשיידנקייט (אין אַ קליינער מאָס). א, איז נאָך ווײַט פֿון גאווה.

▯

אומעניוותדיק — אַדי. ← דפֿוו. אומבאַשיידן.

האַלטן זיך א', אַ ביסל מיט גאווה ־יקייט.

.

אומענלעך — אַדי. ניט־ענלעך, ניט־געגליכן; ניט אַקוראַט ווי, ניט אַנאַלאָגיש. זײַן א', ווי טאָג

-

צו נאַכט. א, ווי איציק צו איוואַנען ־קייט.

.

אומענערגיש — אַדי. ניט־גענוג ענערגיש. נעמען זיך פֿאַר אַן אַרבעט א, ־קייט.

.

אומענקידום — אַדוו. פֿטמ. וורר. דזוו אומעטום, אומעדום. „איר שמייכל לײַכט אויף א', וואו מע דאַרף זיך דערבאַרעמען אויף דער עלנט פֿון אַ מענטשן“, מ. י. שעליובסקי, אין דער

...

וועלט אַרײַן.

אומעסטנע — דזוו אומיס(ט)נע ←. „אַלע סטראַכאָוואַטעליעס האָבן ערפֿאַרן דאָס...האָט מען אימעסטנע דערטרונקען...“, יעקבֿ ראַווינסקי, דער פֿאלשעך שולד־בריעף, וואַרשע 1885.

אומעסטעטיש — אַדי. היפוך פֿון עסטעטיש. א'ע אויסמעבלירונג פֿון צימער. קליידן זיך א'. „אין אַ זייער א'ן אָרט פֿון זײַנעם אַ בגד איז קיינמאָל ניט צוגעשפיליעט„, מר III, נ"י 1908.

,,דער שניט ווערט געמאַכט פּאַראַלעל און נאָענט צום ערשטן, אַזוי אַז עס זעט גאָרניט אויס א'ער ווי פּריִער,, פגעז, פּאַריז 6 1949, No־7 ־קייט.

, .

אומעסעווודיק — אַדי. 1. וואָס מע קען (טאָר) ניט עסן. אומצײַטיקע און א'ע פּירות. 2. וואָס עסט ניט אויס. אַן אויסגעוועפּטע זויערקייט, וואָס איז א'. ־יקייט.

או'מעסענציע'ל — אַדי. וואָס איז ניט תּוכיק, ניט אַבסאָלוט נייטיק. א'ע פּרטים.

אומעסק — [...אייסעק] דער, ־ים [אייסאָקי]. שלעכטער עסק; גאָרניט קיין עסק. צולייגן צום א,.

אומעסקן זיך — [...אייסעקן...] אוטוו. עסק זיך אום, זיך ~געעסקט. כּסדר זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס, פּאָרען זיך, האָבן צו טאָן אַ לענגערע צײַט. א, זיו בײַם בויען אַ סוכּה. א, זיך מיט אַ שווערער פּראָבלעם, מיט קהלשע געשעפֿטן.

אומעפּאָכע — די, ־ס. נעאָל. שלעכטע, אומגינסטיקע עפּאָכע. די איצטיקע א'.

אומעפּיש — אַדי. וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר עפּאָס. א'ע סטאַקאַטאָ־פֿראַזעס ־קייט.

.

-

אומעסנבֿאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.
וואָס מע קען ניט עפֿענען.
אומעפֿנטלעך — אַדי. וואָס איז אָן צוטריט
פֿאַר זײַטיקע, פֿאַר דער פּרעסע אָדער אַנדערע
אינפֿאָרמאַציע אָרגאַנען. א'ער פֿאַרהער.
-

-

אומעסעמעריש — אַדי. וואָס פֿאַרגייט (
פֿאַרשווינדט) ניט גאָר גיך. אַן א'ער עפֿעקט.

או'מעפֿעקטי'וו — אַדי. ניט־געננג
עפֿעקטיוו; ניט־געננג ווירקעוודיק. א'ע מיטלען.
־קייט.

אומעפֿעקטפֿול — אַדי. וואָס ברענגט (האָט) ניט קיין גרויסן עפֿעקט. א'ער אַרויסטריט.

אומעצהדיק — [...אייצע...] אַדי. וואָס מע קען ניט עצהן עס צו טאָן. א'ער פּלאַן, פּראָיעקט. ־יקייט, מאַרק ווב.

אומעצהן זיך — [...אייצען] אוטוו. עצה זיך אום, זיך ~געעצהט. זיך האַלטן אַן עצה מיט פֿאַרשיידענע פּערזאָנען. א, זיך מיט אַלע באַקאָנטע. ־ניש.

אומעצמדיק — [...עצעמ...] אַדי. ניט־עיקרדיק, ניט־תּוכיק. „דיסקאָנטירנדיק דאָס באמת א'ע... טרעט דאָס אַלגעמיינע בילד אַרויס אַזוי“, לע, טאָג, 21 XII 1951. ־יקייט.

אומעקאָנאָמיש — אַדי. 1. ניט־שפּאָרעוודיק, ניט־געַנוג אויסגערעכנט, אומפּראַקטיש פֿאַר דערווירטשאַפֿט. א'ע איבעריקע הוצאות. 2. וואָס איז ניט לויט די פּרינציפּן פֿון עקאָנאָמיע. א'ער צוגאַנג צום שטאָטישן בודזשעט ־קייט.

.

אומעקזאָטיש — אַדי. ניט־פֿרעמד, ניט־אויסלענדיש. זיך אָנטאָן פּשוט, א'. ־קייט.

אומעקזאַלטירט — אַדי. אומאַנטציקט; ניט אַרײַנגעבראַכט אין שטימונג פֿון אויפֿרודערונג אָדער התפּעלות. אַ זײַטיקער און א'ער צווישן

אַן עולם פֿול מיט עקסטאַז.

,

או'מעקזאַ'קט — אַדי. ניט זייער פּינקטלעך,
ניט־גענוג פּרעציז. א'ע פֿאָרמולירונג. א'ע וואָג.
־קייט.
אומעקזיסטענץ — ← אומעקסיסטענץ. ,,
אומוועזנס זײַנען א'ן; רעדן פֿון א'ן ווי זיי
עקזיסטירן אָביעקטיוו איז א תּרתּי דסתרא,,, מעריסאָן
איבז, ספּענסער, עדשטע פּדינציפּן.
או'מעקסטענסי'וו — אַדי. וואָס גייט ניט
אין דער ברייט (ווײַט). א,, אָבער דערפֿאַר טיף,
אינטענסיוו.
או'מעקסטראַאָרדינע'ר — אַדי. געוויינ(ט)־
לעך, אומאויסערגעוויינלעך. ,,שאַ, ווער ניט
נתפּעל, ניטאָ דאָ קיין א'ס,,, רייד. ־קייט.
או'מעקסטראַוואַגאַ'נט — אַדי. וואָס גייט
ניט אַרויס מחוץ גרענעצן פֿון דעם אויף וואָס
מע האָט זיך גערעכט. טאַקע גרויסע, אָבער א'ע
הוצאות. א'ע צירונג וואָס רײַסט ניט די אויגן.
ווײַט ניט באַשיידן, אָבער דאָך א, ־קייט.

.

או'מעקסטרע'ם — אַדי. ניט־קיצוניותדיק;
וואָס האַלט זיך בײַם מיטלוועג. א'ע, כּמעט
מעסיקע פּאַדטייען. ־קייט.

אומעקסיסטירנדיק — אַדי. פּפֿ: ~
עקזיסטירנדיק. וואָס עקסיסטירט ניט. א'ע שלעסער
אין דער לופֿט. „מיט אים אין זײַן א'ע אימיעניע
צו אַנטלויפֿן“, ליבֿ לעוויץ, רפֿאל דעס שנײַדערס
טאָכטער, ווילנע 1888.
או'מעקסיסטע'נט — אַדי. וואָס עקסיסטירט
ניט. „ער איז כּולו שאָטן און דערפֿאַר האָט ער
אפֿשר טאַקע עקסיסטירט אויף דער וואָר, אָבֿער
קינסטלעריש איז ער א'“, ש. בּיקל, טמז,
15 XII 1963.

אומעראו'מעקסיסטע'נץ — די, ־ן. אויך: ~
עקזיסטענ◌ן. דאָס ניט־זײַן, דאָס ניט־
עקסיסטירן. „דער בּאַווײַז וועגן סאָקראַטעסעס א'“,
ש. בּיקל, טמז, 1958 III ◌י 31. „ס'וואָלט געווען
אַ סתּירה, אויבֿ איך וואָלט מינימיזירט
סאָקראַטעס געשטאַלט צוליבֿ זײַן א„„ אַלמי, היימיש,
1959, יאַנואַר.
אומעקספלאָדירט — אַדי. וואָס האָט ניט
אויפֿגעריסן. א'ע בּאָמבּע. א'ע סענסאַציע.
או'מעקספלאָזי'וו — אַדי. ניט־אויפֿרײַסיק.
א'ער מאַטעריאַל. א'ע בּאַציאונגען. ־קייט.
אומעקספלאָרירט — אַדי. ניט־

אויסגעפּאָרשט. א'ער אינדזל.
אומעקספּלואַטאַטאָריש — אַדי. ניט־
אויסנוצעריש. א'ע עלעמענטן, קליין־אייגנטימער.
אומעקספּלואַטירט — אַדי. ניט־אויסגענוצט.
א'ע רײַכטימער פֿון לאַנד ־קייט.
.
אומעקספּעדי(טי)רט — אַדי. ניט־
איבערגעשיקט. א'ע סחורה.
אומעקספּעדירן — טרוו. ־דיר אום, ~
עקספּעדירט. עטלעכע מאָל איבערשיקן (מיט דער
באַן, מיט דער שיף) פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן.
א, די זעלביקע סחורה הין און צוריק.
או'מעקספּע'רט — דער, ־ן. ווער ס'איז אַ
קליינער אָדער גאָרניט קיין עקספּערט, מומחה,
ספּעציאַליסט. „מע זוכט אַ פֿאַכמאַן און מע
פֿאַלט אַרײַן צו אַן א, וואָס לערנט זיך שערן
אויף דײַן באָרד„, רייד. ־יש — אַדי. ־
ישקייט.
או'מעקספּערימענטאַ'ל — אַדי. וואָס
בינדט זיך ניט מיט (איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון)
אַן עקספּערימענט. מיטלעלטערלעכע א'ע
דערגרייכונגען אין די וויסנשאַפֿטן.
או'מעקספּרעסי'וו — אַדי. ניט־
אויסדרוקפֿול; וואָס פֿאַרמאָגט ניט בולטקייט; אומקלאָר

פֿאָרמולירט. א'ע פּאַרטיי־פּראָגראַם. ־קייט.
אומעקסצענטריש — אַדי. ניט־עקסצענטריש (אָבער אויך ניט אינגאַנצן נאָרמאַל, ניט־געוויינלעך). א'ע טענץ. א'ע אויפֿפֿירונג. ־קייט.
אומעקסקאָמתיקירט — אַדי. וואָס איז ניט אויסגעשלאָסן פֿון דער גרופּע, קירך, געזעלשאַפֿט, ניט אַרײַנגעלייגט אין חרם. די א'ע אַפּיקורסים.

אומער — דער, ־ס. unmaere ◌ ◌d◌M. אומעט.
„דער וועלטן־א, האָט אין אים ערוואַכט / ער האָט געקרעכצט צום גלות און צו נאַכט„,
מר ◌I, נ„י 1910. „איז ער געקומען אַהיים און האָט געבראַכט אין הויז אַרײַן דעם א, פֿון איר טויט“, מ. י. שעליובסקי, אין דער וועלט אַרײַן.
„סומנע, קאַלט, און עס פֿאַלט אויפֿן האַרץ אַן א'“, אַר, 'אויפֿן פֿעלד'. [פֿרגל: פֿאַראומערן דאָס לעבן].
אומער — דער. מצ נב. פֿטמ. דזוו הומאָר; געמיט־צושטאַנד. אין אַ גוטן (שלעכטן) א'.
„[דער כאַליף] איז הײַנט אין אַ זייער שלעכטן א,“, אמד, דער שאַץ מײַסטער, ווילנע 1887.
פּ◌פֿיקס אומ־ און ,'ער —◌ו◌[ן (ד;ו◌
אומ ר־ — די דײַטשמעריזמ מיט

-
,,
עטלעכע) וויַיטער ניט פֿאַרצייכנט.
← אומדער...

או'מע'ר

או'מע'ר — די. אַרכ. אומכּבֿוד; אומערע ←.
,,דיַיני מצוות זיַין מיר אונמער אין מיַין אויגן
דר ווייל דוא זיא סושֿט מיט אונרעכט געלט,,,
בּראַנט. ,,שריַיבּט מומר שלאנגין בּאלק; מיר
יהודים עשֿין קנאָבּליך אַן קריסטן נאַכט צו און
עהרין פֿון ישוע נוצרי,,, אליעזר זוסמן
רודלסוס, יודשער טרייאק, אמשט 1737.
אומעראָטיש — אַדי. וואָס איז ניט פֿאַרבּונדן
מיט (סענסועלער) ליבּע. א'ע ליריק. ־קייט.
אומערבּאַרמיק — אַדי. אַרכ. ←
אומדערבּאַרעמדיק, אומדערבּאַר(ע)מיק. מלל
פֿאַרטיַיטשט
'הקשיח בּניה ללא לה, (איובֿ, לט, 16): ,,אום
ערבּאַרמיג“ [תּי: ,,זי איז האַרט...].
אומערבּאַרעמלעך — אַדי. אַרכ. איצט דטשמ.
נר. ← אומדערבּאַרעמלעך. ,,אוהנערבּארמליך
מיט שטעקן גשלאגן ווערדן,,, הבּחור חנוך בּר,
צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718.
,,האָט איר א, דורכן גאַס געשלעפּט“, נ. האָפֿמאַן,

דער פֿאַלשער פֿעטער, ווילנע 1880 ־קייט

.

— ,,מײַן טויט ווערט מיר אָנגענעמער איידער איך זאָל...הערן פֿון דיר אַזעלכע א,,,, איינע אַבשילדערונג פֿאָן קעניג אחאבֿ אונ פֿון זײַן פֿרוי איזבֿל, וואַרשע 1862.

אומערגערן — טרוו. ־ער אום, ~געערגערט. אַ לענגערע צײַט פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש, צער. א, עמעצן, אויסעסן אים דאָס האַרץ. אויך מיט ז י ך. א, זיך איבער אַ קלייניקייט. ־ניש.

אומערדיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט ווי אויף דער ערד; וואָס איז שענער, אַנדערש ווי דאָס רעאַלע. א'ע פּראַכט, גוטסקייט. ,,באַווײַזט זיך אַ ליכט א'־העל, אַ ליכט אַזוי א'־גליקלעך,,, אַל II, ,אין אייביקן אייביק'. ,,איך וואָלט געשוואוירן: א, דײַן גבֿול,,, סוצ, ייִדישע גאַס. 2. וואָס איז אין די העכערע רוימען איבער דער ערד. ,,א'ע אַטמאָספֿערן,,, יג. ־קייט.

אומערהאָסט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע האָט זיך אויף דעם ניט געריכט, ניט געהאָפֿט. ,,זי ווערט דאָס מאָל צו שטרענג ניט באַשטראָפֿט, 'טורמע דרײַ טעג נאָר, — אַ גליק א',,, ווינטש II,

נ"י 1927.

אומערהאַפּטיק — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב.

וואָס איז אָן ערע (חשיבות, בכּבֿודיקייט).

־יקייט.

אומערהערט — אַדי. דטשמ. נר. דזוו

אומדערהערט, בב 2־3. „אונערהערטש וואונדר...זוא

ערעפֿנט זיך די מויאר“, מראות הצובֿאות,

וואַנדזבעק 1718. „איז דאָרט דאַן געשען גאַנץ א'ע

זאַכן"., אמד, עווגעניע, ווילנע 1878.

אומערודיציע — די, ־ס. ניט־געלערנטקייט;

פֿאַלשע, כּלומרשטע געלערנטקייט. „ס'איז געווג

צו בלעטערן דאָס ווערק אויף צו דערזען די

א, פֿון דעם מחבר“.

אומערוואַרט(עט) — אַדי. דטשמ. נר.

אומדערוואַרט, אומגעריכט. “האָט אַליין פּלוצלונג

א, אונדזער שוויַגן איבערגעריסן"., יונה

טדובניק איבז, אסתּר המלכּה, באַרדיטשעוו 1888.

„...פּונקט ווי ער האָט מײַנע פֿיר קשיות צום

ערשטן מאָל געהערט, גאָר א'"., ר. ברײַנין,

שריפֿטן. „נאָר אין דעם אויגנבליק האָט

אויסגעבראָכן אַן אומערוואַרטעטער, שרעקלעכער

צופֿאַל“ פֿרוג III, נ„י 1910. ־ערהייט —
— ,
אַדוו. „אַרויסגעקומען א, אין דער
עפֿנטלעכקייט„, י. שלאָ בערג איבז, וואָס בשדײַטעט
דיזער סטרײַק , נ„י 1903.
אומערזעטלעך — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומדערזעטלעך. “און די פּראַצע און די
שקלאַפֿערײַ ברענגט אויף אונדז דער מענטש, אונדזער
ברודער, דער א'ער האַבון“, ווינטש I, נ„י 1920.
אומערזעצלעך — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע
קען ניט פֿאַרטרעטן פֿאַרבײַטן פֿאַרגיטיקן.
, ,
„מיט אַ טיפֿן געפֿיל פֿון באַדויערן איבער דעם
א'ן פֿאַרלוסט“, הרבֿ העפֿטערמאַן פֿאָר,
,
.II 19 1 2
אומערטרעגלעך — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומדערטרעגלעך. „די א'סטע צרות„, גבֿי“ר מווילנא
[גבֿריאל ראַוויטש], ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865.
„א'ע שמערצן„, ליבֿ לעוויץ, רפֿאל דעס שנײַדערס
טאָכטער, ווילנע 1888. „א, ווערט דער קומער“,
אַר, 'וואָלקן'. „אַ צוקונפֿט וועלכע וועט אים
פֿאַרגעסן מאַכן אָן זײַנע אַלטע א'ע וואונדן“,

ש. א., די אידישע לאַנע, ווילנע 1903.
אומערלײַדלעך — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומדערלײַדלעך. ,,דיא גרוישׂי אוהן ערליידליכה היצי,,, ר, יקס ◌ דאַרמשטאַדט איבּז, תּורת משה, קאַרלסרוע 1770.
אומערלעך — אַדי. 1. וואָס היט ניט אָפּ געזעצן און יושר בײַם האַנדלען און אין אַנדערע צווישנמענטשלעכע באַציאונגען. אומראַיעל. ,,איז עשׂ אבּר דשׂ ער ניט רעכט אומגינג מיט זײַנם געלט דאשׂ ער זיך איבּר נעמט — דער ווערט גיהיישׂן איין און ערליכר בּעל־הבּית,,, לט1, נא/א. ”אַן חול המועד טונן זיא אלי צו גלײַך... מיט קארטין אודר ווערפֿיל שפּילן אלז דר ערליך אונ דר אום ערליך,,, משה אײַזענשטאַט [איבּז], דרך הישר לאבֿן בּוחן, [אָרט ◌] 1746. ,,ווי דער מענטש קומט אויף יעגער־וועלט איז דאָס ערשטע וואָס מע פֿרענט אים...האָסט ערלעך געהאַנדלט און צי האָסטו זיך געהיט ניט צו פֿאַרדינען... אַן א'ע פּרוטה,,, חא, מט/ב. ,,אַן א'ער גוי דער לענגערט (פֿאַרלענגערט) דעם גלות“, שוו. ,, ערלעכע מענטשן דאַרף מען ניט אונטערקויפֿן און א'ע איז אַ זינד אונטערצוקויפֿן“ [לויט משה מאָנטעפֿיאָרע], טמז, 2 ◌ 1963 I. מעט: א'ע מאָס,

וואָג. א, געלט.

2. וואָס היט ניט גענוג אָפּ אַלע דינים; ניטפֿרום. די ערלעכע און רחמנא לצלן די א'ע ייִדן. ‟גאָט האָט רחמנות אויף א'ע, כאָטש זיי האָבן זיך פֿאַר אים פֿאַרזינדיקט‟, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

3. וואָס היט ניט אָפּ דעם חתונה־אָפּמאַך; אומגעטרײַ. „דער דאזיג קיניג תרכינוס דר הט איין לושׂט צו און עהרליכר ליבּשאפֿט (צו איינר פֿרויאן)„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „און, מאַכט זײַן לײַבּ גאַר ניט מיאוס מיט קיין און ערליכן ווײַבּן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ, 1686, נז/1.

4. ניט־אמתדיק, ניט־רעכט, אומאויפֿריכטיק. א'ער אָפּאָנענט. „זיך ענערגיש פֿאַרטיידיקן קעגן אָנפֿאַלן פֿון פֿאַרשיידענע ערלעכע און א'ע לאַגערן‟, גוטנ. „איז אַן א'ער זשורנאַל, און אָט פֿאַרוואָס...„, א. גאָרדין, יאנאָווסקי..., ל אַ 1957.

”

-

5. וואָס קומט פֿון אומערלעכקייט. א'ע פֿאַר

-

אומערפאַרן

דינסטלעך. ,,אין מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן איז קיין א'ער פֿראַנק פֿאַראַן“, יהל, די קאָלאָניסטן II, וואַרשע 1899.

אומערלעכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומערלעך. א'ן אין האַנדל־וואַנדל. א, בײַ אַ וויכּוח. ,,מיט ער לעכקייט האָבֿ איך נישט געקענט פֿאַרדינען און מיט א, האָבֿ איך מיך נישט געוואָלט אָפּגעבן“, גענאַרטע וועלט, l815? [סאָוו אויסגאַבע 1940]. ,,יעדער בעל־מחלוקת...האָט באַשולדיקט זײַן געגנער אין דומהייט אָדער א',,, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אומערמידלעך — אַדי. דטשמ. נר. ←
~דערמידלעך. ,,'איך גלויב,...אין ענערגיע, אין מענטשלעכן פֿלײַס, אין א'ער אַרבעט“, מר III, נ“י 1908. “טרויערן מיר אויף דעם טויט פֿון דעם א'ן קעמפֿער,, פֿאָר, 12 1963 □ I.

,

או'מערן — אוטוו. אומער, געאומערט. □ d □ M
(n) □ j1nmaer ן. טרויערן. מאַכן טרויעריק,

אומעטיק. „קלאָגט, דײַטשן, אומערט! אויפֿן חורבן האַמבורג קלאָגט!„, מל, 'אויפֿן חורבן האַמבורג'. ״און דריקנדיק אומערט דער שווערער געדאַנק„, אַל II, ,אַשרי תּמימי דרך,. „ער פֿרייט זיך מיט אַלעמענס שׂמחות און אומערט צוזאַמען מיט אַלעמען, ווען עס טרעפֿט ח„ו אַן אומגליק„, מ. י. שעליובסקי, אין דער וועלט אַרײַן.

אומערנהאַפֿט(יק) — אַדי. דטשמ. וואָס איז אָן ערע. אומבכּבֿודיק, אומערלעך. אומאָרנטלעך. א'ע לײַט. מאַכן אַן אַרבעט א'. ־(י)קייט.

אומערנסט — אַדי. פּפֿ: ~ערנצט, אַרכ, פֿטמ. 1. אומסעריעז. אומוויכטיק; כּמעט לײַכטזיניק. א'ע פֿאָדערונגען. א'ע באַציאונג. 2. ניטגעזעצט, ניט־מיושבֿדיק. ניט שטעלן קיין א'ע מענטשן צו אַ וויכטיקער אַרבעט. 3. ניטאיבערגעגעבן, ניט־אַרײַנגעטאָן. אַן א, לערנען. „האָט איבער זײַן אום ערנצט לערנין מיט חרפּה גרושׂן שמארצין„, עיון, יד/ב. 4. ניט־שווערמוטיק. א'ער לייענשטאָף. „דאָס א'ע בבֿא־בוך״, ימ. ־קייט.

או'מע'רע — די. מצ נבֿ. אומכּבֿוד. „מיט א, און שאַנד זאָל באַדעקט ווערן זײַן נאָמען„. „זיי האָבן עס געהאַלטן פֿאַר אַן א'„, אמד, קאַרטוכע,

ווילנע 1878.

-

אומערסאַרן — אַדי. דטשמ. נר. אומגעניט.

אומבּאַהאַוונט. „נאָך מעהר וויל איך דיר, אוהנערפֿארניר מענש, זאָגן„, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי חיים, הענא 1718. „שענדלעכע מענטשן וועלכע ווילן די אָרעמע א'ענע קינדער איבּערפֿירן„, מ. ראגער, אָ ראָמאַן פֿון דער קליינשטעטלדיקער ראַצעלען, וואַרשע 1887. „האָט די א'ענע אַנען איַינגערעדט מיט אים...צו אַנטלויפֿן", ליבּ לעוויץ, רפֿאל דעם שניַידערס טאָכטער, ווילנע 1888. „ער וועט זיכער אונדז ניט נאַרן, ער איז יונג און א'„, מר II, נ„י 1908. „דעם א'ענעם לעזער וואָלט געוועזן צו ראַטן אָנצוהייבּן גליַיך פֿון דריטן קאַפּיטל", גוטנ. [אַנשטאָט א, געוואָרן פֿאַרשפּרייט א ו מ ד ע ר פֿ אַ ר ן ←] ־הייט — „איך מיין

ניט אַזוי אַ דומהייט ווי א'„, עוזך בּלאָשטיין, די פֿינצטערע וועלט, ווילנע 1889.

אומערפֿילבּאַר

אומערפֿילבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע
קען ניט דורכפֿירן, דערפֿילן. "אײַער וואונטש,
חבֿרטע, איז א"", אַר.
אומערצויגן — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומדערצויגן פֿון אַזעלכע א'ענע קינדער מוזן
אַרויס. ,,
קומען א'ענע מענטשן", אמד, דער שבֿעים
מאַלצײַט, ווילנע 1877. ,,חתונה האָבן פֿאַר אַן
אָנשׂכלדיקן א'ענעם פֿאַנאַטיק", יונה טרובניק
[איבז], אסתּר המלכּה, באַרדיטשעוו 1888.
אומערשטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז ניט
לכתחילהדיק, ניט אין דער ערשטער ריי.
ברענגען אַ ראַיה פֿון אַן א'ן מקור. ־יקייט.
אומערשטן — אַדוו. 1. אַרכ. צומערשטן, צום
ערשטן מאָל. ,,ווען ער אום ערשטן לערנט די
תּורה גרינג, אָן מיא", סהמ, הקדמה, מלכים.
2. פֿטמ. ראשית־כּל, פֿריִער פֿון אַלץ. א, מוז
איך זאָגן...
אומערשעפּט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס שעפּט
זיך ניט אויס; וואָס לאָזט זיך ניט אויסשעפּן.
אומאויסשעפּלעך. ,,ווינטשט...א'ע ענערגיע אין
איר ווײַטערדיקער אַרבעט", 'טאָז', שריפֿטן,
וואַרשע 1929.
אומערשראָקן — אַדי. דטשמ. נר. ←

אומדערשראָקן. „האָט צום [מלך] געזאָגט גאַנץ א'...“,

ר, איטשה האַמבורגער, טפּורי קורות י￼)ראָל, קראָקע 1895. ־הייט — „וועט דאַן די שרעק א, געבוירן“ [שנ, וועגן יודישע שרייַבער II].

אומפּאַגינירט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין אָנווייַז אויף דעם סדר פֿון די זייַטן. „אַכט א'ע זייַטן,,, נפּ, ייִבל, 1 ,XIII־2. ־קייט.

אומפּאַדע(ווע)ן — אוטוו. ־דע(ווע) אום, ~ג￼פּאַדע(ווע)ט. אויך: ~פּאַדענען, לד.

1. אַ לענגערע צייַט אַרומגיין אַרום עמעצן און אים באַדינען. א אַרום דעם גבֿיר, דעם גבאי.

2. סתּם אַרומגיין מיט שטילע, פּאַמעלעכע טריט. א, אין אַלע ווינקעלעך.

אומפּאָזיציע — די, ־ס. שלעכטע, ניט־ געראָטענע, אומגינציקע פּאָזיציע. בעסער פֿאַרלאָזן די א,.

אומסאָזירט — אַדי. וואָס איז ניט אין אַ ספּעציעל אייַנגעשטעלטער פּאָזע. פֿאָטאָגראַפֿירן א'. א'ע פֿאָטאָגראַפֿיע.

אומפּאַטעטיש — אַדי. וואָס איז אָן אַ שטאַרק געפֿיל (פֿון רחמנות, טרויעריקייט); וואָס ווירקט ניט אויף געפֿילן, רופֿט ניט אַרויס קיין מיטגעפֿיל. א'ע רייד. ־קייט.

אומפּאַטענטירט — אַדי. וואָס האָט ניט
באַקומען קיין פּאַטענט. א'ער אויסגעפּין. א'ער
מיטל.
אומפּאַטראָניזירט — אַדי. ניט־
אונטערגעשטיצט. א, פֿון פֿאַראיין פֿון דעם גרויסן נדבֿן.

,
אומפּאַטריאָטיש — אַדי. ניט־איבערגעגעבן
צום פֿאָטערלאַנד; וואָס איז ניט לויטן דרך פֿון
אַ פּאַטריאָט. א'ע רייד. א'ער איינשטעל. ,,אָדער
ערגעץ אַ הייליקייט־שענדער דריקט זיך אויס
א, וועגן דעם 'פֿלעג'", ווינטש II▯, נ"י 1927.
פֿאַר אזא א'ער מאַכינאַציע קאָן מען אים
אויס,, — ־ —
שליסן פֿון דער זשאַנדאַרמעריע", פּ. רודאָי,
טמז, 3 1961 XII. ־קייט.

616

אומפּאַטריאַרכאַליש — אַדי. וואָס איז ניט
לויטן שטייגער פֿון פּאַטריאַרכן. א, אויסזען. א,
באַנעמען זיך ־קייט.

.
אומפּאַטשקען — טרוו. ־קע אום, ~
געפּאַטשקעט. 1. אַ לענגערע צייט פּאַטשקען, שמירן,

שמוציק מאַכן. א, די קליידער אין בלאָטע.
2. במקום־ווערב פֿאַר כּסדר שלעכט שרײַבן
אָדער מאָלן. א, ווילדע ראָמאַנען, מאָדערניסטישע
מאָלערײַקעס. מיט ז י ך — אוטוו. אַ לענגערע
צײַט טאָן עפּעס פּאַוואָליע, אָן חשק, ניט־געראָטן.
א, זיך אַ גאַנצן טאָג בײַם אויפֿרוימען איין
שטוב. ־עניש.
אומפּאַיאַצעווען — אוטוו. ־צעווע אום,
~(גע)פּאַיאַצעוועט. אַ לענגערע צײַט זיך
אויפֿפֿירן (מאַכן שטיק) ווי אַ פּאַ אַץ, לץ, קלאַון.
י
„זייער אַ ביליקער קאָמיקער וואָס קען נאָר א',
אָבער ניט שאַפֿן אַ געשטאַלט“, רייד.
אומפּאָלאַריזירט — אַדי. וואָס איז נ י ט
געבראַכט צו אַ מצבֿ פֿון פּאָלאַריזירונג. א, ליכט.
אומפּאָלאַריזירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט פּאָלאַריזירן.
אומסאָליטיש — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין
שײַכות צו פּאָליטיק. „איך געהער נישט צו די
א'־נייטראַלע“, א. שרײַער, היימיש, אָקט, 1961.
2. וואָס איז אָן פֿאַרשטעלטע כּוונות. ריידן א',
אָן דריידלעך. 3. אומדיפּלאָמאַטיש; וואָס איז
ניט מיגלעך צו דערגרייכן. איבערגעטריבענע,
א'ע פֿאָדערונגען. ־קייט.

אומפּאָלירט — אַדי. ניט־פּאָלירט. א'ע
דימענטן. האָבן א'ע נעגל, גאָרניט מעשׂה דאַמע.
א'ע מאַנירן. „בײַ דעם אַמעריקאַנער עולם איז
אַ פּאָלירטער קויל וויכטיקער ווי אַן א'ער
דימענט“, ווינטש II , נ"י 1927. ־קייט.
אומפּאָלירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט פּאָלירן. א'ע ברעטער ־קייט.

.

אומפּאָלירן — טרוו. ־ליר אום, ~(גע)פּאָלירט.
1. אַ לענגערע צײַט מאַכן גלאַט און שײַניק.
א, די צירונג. 2. איבערפּאָלירן. א, די קרעלן
מיט קרײַד.
אומפּאָלעמיזירן — אוטוו. ־זיר אום, ~
פּאָלעמיזירט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט פֿירן פּאָלעמיק.
א, וועגן (אַרום) יעדן פּונקט פֿון דער
פּאַרטייפּראַגראַם.
אומפּאָלעמיש — אַדי. וואָס איז ניט פֿון אַ
פּאָלעמישן כאַראַקטער. א'ע אַרטיקלען, רעדעס.
„אונטערצושטרײַכן די ריין־אָביעקטיווע, א'ע
כּוונה פֿון די נאָטיצן“, צײַט, ייִפֿאַ, 1938, 1.
־קייט.
אומפּאָמפּע'ז — אַדי. וואָס איז אָן פּאָמפּע;
אָן (כּלומרשט־)גראַנדיעזן פּאַראַד. אַן א'ע, הגם
אײַנדרוקספֿולע מאַסן־דעמאָנסטראַציע. ־קייט.

אומפּאַנעווען — אוטוו. ־נעווע אום, ~
געפּאַנעוועט. אַ לענגערע צײַט אויפֿפּירן זיך ווי אַ
הערשער. א, איבער די נויטבאַדערפֿטיקע ווי אַ
פּריץ איבער זײַנע כלאָפּעס.
אומפּאַנצערן — טרוו. ־ער אום, ~געפּאַנצערט.
1. אַרומפּאַנצערן, באַדעקן מיט פּאַנצערן פֿון
אַלע זײַטן. א אַ לאַסטאויטאָ וואָס פֿירט גאָלד.

,

אויך מיט ז י ך , רעפֿל. א, זיך ווי די אַמאָליקע

אומפּאָפּולאַריזירט

ריטערס. 2. פֿאַרשטאַרקן פֿון אַלע זײַטן. א, די
שטאָט מיט שווער־באַוואָפֿנטע מיליטער־
אָפּטיילונגען.
אומפּאַס — אַדי פֿרידײַטש, ass [un <

.

[געניצט נאָר פּרעדיקאַטיוו, נאָר אין דער קורצער
פֿאָרעם]. פּפֿ: ~פּאַסלעך. אַ ביסל ניט־געזונט.
זק, 'דער יידישער דיאַלעקט אין קורלאַנד, [פֿש I,
170]. "בײַנאַכט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו
שפּירן דאָס מען איז אַ ביסל א', דען מע האָט
זיך נעכטן איבערגעשטאָפּט", אמד, דער
אונגעבעטענער גאַסט, ווילנע 1871. „איך ווייס ניט

וואָס עס איז מיר. איך בין עפּעס א'". -
לעכקייט — ,,די א, וואָס ער האָט געהאַט נעכטן,,,
אמד, די גײַסטער געשיכטען, ווילנע 1871.
אומפּאָסטן — דער, ־ס. 1. שלעכטער פּאָסטן.
באַפֿאַלן דעם א'. 2. (בוכהאַלטעריע) מיט אַ
טעות פֿאַרשריבענער פּאָסטן אין אַ בוך. געפֿינען
דעם א'.
אומפּאַסטעריזירט — אַדי. אומגערייניקט.
אומסטעריליזירט (פֿון באַקטעריעס) [לויט דער
סיסטעם פֿון לואי פּאַסטער]. א'ע מילך.
אומפּאַסי'וו — אַדי. ניט־פּאַסיוו (אָבער ניט
פֿולקום אַקטיוו). ,,אַ פֿאַראינטערעסירטע, בכן
אַן א'ע באַציאונג, אָבער דאָך מיטן אַרויסווײַז
פֿון ווייניק ענערגיע ־קייט.

.

אומפּאַסיק — אַדי. 1. ניט־פּאַסיק; ניט־
באַרעכטיקט. א'ע ווערטער. ,,מע דאַרף זײַן אַ מבֿין
אויף זיך אַליין. וויסן וואָס עס פּאַסט און וואָס
עס איז א'", פֿאָר, 2 .5 1961 IX. ניט־פֿעאיק.
,,מע האָט אים געהאַלטן פֿאַר א, צו פֿאַרנעמען
אַזאַ וויכטיקן אַמט", יג. 3. אומנייטיק; וואָס
טויג זיך מערניט (פֿאַר דער צײַט, פֿאַר דער
סבֿיבֿ). ,,הײַנט איז די צײַט אויסצושנײַדן א'ע
גראַמאַטישע פֿאָרמעס , אאר, ייִשפּ 3 ,XXII.

4. וואָס שטימט ניט איינס מיט דעם אַנדערן.
א, פּאָרל. א'ער פֿאַרגלײַך. 5. אומפּראַקטיש;
אומבאַקוועם. ,,א'ע גומי־הײַזלעך" פֿגעז, פּאַריז
,
6 .5 1949, No. אומדיסציפּלינירט,
אוממאַנירלעך. א'ע אויפֿפֿירונג. 7. אומגעוואונטשן. ,,די
א'ע ראָלע פֿון אַ טוריסט", ימ. ־ערהייט —
אַדוו.
אומסאַסיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפּאַסיק.
,,שטעקט דערין ניט נאָר אַן אומגעריכטקייט,
אַן איבערגעטריבנקייט, נאָר מסתּמא אויך א,",
מוו, יופֿאַ, 1939,
אומסאַסלעך 1 — אַדי. ← אומפּאַס. א'ע
קינדערלעך.
אומפּאַסלעך 11 — אַדי. וואָס פּאַסט זיך ניט.
א'ע רייד. ־קייט — ,,די א, ווײַטער צו
קלייַבן", אמד, אַלטע ליבע ראָסטעס ניט, ווילנע
187.
אומסאָעטיש — אַדי. ניט־גענוג פּאָעטיש;
וואָס האָט אַ קליינעם פּאָעטישן ווערט. א'ע
גראַמען. ,,אַזאַ...א, פֿאָלק ווי די רוימער", ר. ראָקער,
נאַציאָנאַליזם און קולטור, בו,,א 1949. ־קייט.
אומפּאָסולאַריזירט — אַדי. וואָס מע האָט

ניט געמאַכט פּאָפּולער. א'ער נײַער היילמיטל.
־קייט.

או'מפּאָפּולע'ר

או'מפּאָפּולע'ר — אַדי. ניט־באַקאַנט אָדער ניט־באַליבט צווישן ברייטן עולם. א'ע אידייען, ווערק, פּערזענלעכקייטן. „פּאָפּולערע אָדער א'ע דראַמאַטישע מאָטיוון„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ־קייט — "דאָס האָט געבראַכט צו דער איצטיקער אָנמעכטיקייט, א'...פֿון דער אויטאָנאָמיע", ימ, נײַס, 1922.

אומפּאָפּולערלעך — אַדי. 1. אַ ביסל ניט פּאָפּולער. דערווײַל א'ע שפּײַזן. 2. וואָס מע קען ניט מאַכן פּאָפּולער. א'ע פֿילאָסאָפֿישע שיטה.

□

אומפּאַציפֿיסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן כאַראַקטער (לויט פּרינציפּן) פֿון אַ פּאַציפֿיסט. א'ע סטראַשונקעס.

אומפּאַצקען — ← אומפּאַטשקען.

אומפּאַקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון

אומפּאַקן. די א, געדויערט צו לאַנג. 2. מאַטעריאַל וואָס מע ניצט בײַם אומפּאַקן. אַן א, פֿון שטרוי און פּאַפּיר.

אומפּאַקירט — אַדי. ניט־אײַנגעפּאַקט. א, גלאָזוואַרג.

אומסאַקן — טרוו. פּאַק אום, ~געפּאַקט. אויך: ~פּאַקעווען. דרייזין ווב. איבערפּאַקן. א, זאַכן פֿון קאַסטן אין וואַליזע. א, די גלעזער, זיי זאָלן ניט צעבראָכן ווערן. ־עכ□Iו. ־עניש.

אומפּאָר — די, ־ן. 1. יעדע צאָל וואָס טיילט זיך ניט אויף צוויי. 2. ווער עס בלײַבט אַליין בײַם אײַנטיילן אין פּאָרן. דער & די. „אַלע האָבן געטאַנצט, און איך, דער א', בין געבליבן אַליין“, רייד. 3. וואָס עס בלײַבט איבער בײַם צעטיילן אויף צוויי גלײַכע חלקים אָדער אויף גרופּעס צו צוויי. אַ הענטשקע (אַ זאָק, אַ שוך אע) אַן א'.

או'מפּאַראַדאָקסאַ'ל — אַדי. אויך מיט ־יש. וואָס האָט ניט אין זיך קיין פּאַראַדאָ□ס(ן); וואָס איז אָן אַ סתּירה צו דעם וואָס איז אָנגענומען. זײַן איינציקער א'ער עסיי. ־קייט.

אשפּאַראַדירן — אוטוו. ־דיר אום, ~(גע) פּאַראַדירט. 1. אַ לענגערע צײַט פּאַראַדירן, זיך אַרויסשטעלן. א, אין נײַע קליידער. א, מיט

אַן אויפֿטו, דערגרייכונג. 2. דזוו אומפּאַראַדעווען.

אומפּאַראַדעווען — אוטוו. ־דעווע אום, ~(גע)פּאַראַדעוועט. אַ לענגערע צײַט מאַרשירן, גיין אין פּאַראַדן (בײַטעם פֿון ביטול). א, איבער די גאַסן מיט אַן אָרקעסטער פֿאָרויס.

אומפּאַראַזיטיש — אַדי. וואָס לעבט ניט אויפֿן חשבון פֿון אַן אַנדער מענטשן (אַן אַנדער אָרגאַניזם). א'ע אַרבעט. א'ע פֿאַרמיטלערײַ.

אומפּאַראַליזירט — אַדי. וואָס האָט די מעגלעכקייט צו באַוועגן (זיך). באַוועגן מיט דער א'ער רעכטער האַנט. א'ע ענערגיע. א'ער לעבנסבאַגער. ־קייט.

או'מפּאַראַלע'ל — אַדי. ניט־פּאַראַלעל. א'ע ליניעס, פֿלאַכן. א'ע טעקסטן. ־קייט.

אומפּאַראָנדקעווען — אוטוו. ־קעווע אום, ~געפּאַדאָנדקעוועט. אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ פּאַראָנדעק, כלומרשט אַן אָרדענונג (מיט ביטול). א, אין שטעטל ווי אַן אַמאָליקער פּרנס.

אומפּאַראַסראַזירט — אַדי. ניט־
אויסגעדריקט אויף אַן אַנדער (אַ בעסערן אָדער
גרינגערן) אופֿן. א'ע דעפֿיניציע, רעזאָלוציע.
אומפּאַראַפֿראַזירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט פּאַראַפֿראַזירן. א'ע פֿאָרמולירונג.
־קייט.
אומפּאַרטיזאַניש — אַדי. וואָס איז ניט לויט
דער נאַטור (כאַראַקטער) פֿון אַ פּאַרטיזאַן. א'ע
זאָרג נאָר וועגן זיך. ־קייט.
אומפּאַרטייאיש — אַדי. אָפּט סובֿ. 1. וואָס
איז ניט געבֿונדן מיט אַ פּאַרטיי. א'ער בירגער.
ווי וועלן שטימען די א'ע? 2. וואָס האַלט ניט
מיט קיין שום צד; נייטראַל; אָביעקטיוו,
יושרדיק. א'ע גערעכטיקייט, מיינונג, בוררים. "דוא
האשׂט אלישׂ רעכט אונ, קענשׂט אַך וואול רעכט
האבן אונ, קר?גן, ווען איר אונפּארטייאשי דיינים
העט אונ, און פּארטייאשן אורט משפּטיט", גה,
118. "איך מיין אַז איך האָבֿ דאָ ערלעך געזאָגט
מײַן מיינונג א'", אוריה קאָהען, קמ, 1864,
No 42. „די קריטיקן...אין זיי איז געווען צו פֿיל

גאַל, מע זאָל זיי קענען באַטראַכטן אַלס א, און גערעכט,,, א. האַרקאַווי [מר I, נ"י 1908].
־קייט — "די אומעדיטאָריעלע א, פֿון טעלעוויזיע ניַיס־באַריכטער איז אַן איַינרעדעניש,,,
יג, טמז, 5 19 I.
אומפּאַרטייִלעך — אַדי. פֿטמ. דזוו
אומפּארטייאיש. ,,אונדזער ציַיטונג וועט זיַין אַן א'ע,,,.
אומפּאָריק — אַדי. וואָס איז ניט פֿון (צו) דער פּאָר. א'ע גליַיכונגען (מאַט). ,,פֿעדערדיק
צוזאַמענגעזעצטע בלעטער צעטיילן זיך אויף א, געפֿעדערטע (וויַיסע אַקאַציע) און פּאָריק
געפֿעדערטע (געלע אַקאַציע)", א. גאָלאָמב איבז, ג. באָטש, נעוויקסן II.
אומפּאַרלאַמענטאַ'ר — אַדי. אויך מיט דער ענדונג ־יש. וואָס איז ניט ווי עס פֿירט זיך אין אַ פּאַרלאַמענט. א'ער פֿאָרשלאָג. א'ע פֿירונג פֿון דער זיצונג ־(יש)קייט.

.

אומפּאָרסקען — אוטוו. ־קע אום, ~ געפּאָרסקעט. אַ לענגערע ציַיט (אָדער פֿון ציַיט צו ציַיט) פּאָרסקען פֿאָרשקען, סמאָרען (ווי אַ

,

פֿערד) פֿרעסן האָבער און א, ־עניש.

. .

אומפאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אום, זיך
~געפאָרעט. פאָרען זיך אַ לענגערע צײַט. א,
זיך אין קיך און ניט האָבן קיין פֿרײַע מינוט.
־עכץ. ־עניש.
אומפאַרצעלירט — אַדי. וואָס איז ניט
אײַנגעטיילט אין קלענערע טיילן ערד (בײַ אַן
אַגראַר־רעפֿאָרעם). דער א'ער הויף.
אומפאָרקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אום, זיך
~געפאָרקעט. אַ לענגערע צײַט טאָן ניט
וויסנדיק ווי אָדער אָן חשק. טאָן עפּעס זייער
פּאַמעלעך. א, זיך בײַ אַ זייגער און ניט קענען אים
פֿאַרריכטן ־עניש.
— .
אומסאַרשוינלעך — אַדי. נעאָל.
אומפערזענלעך. יאי.
אומפאַשען — טרוו. ־שע אום, ~געפאַשעט.
אַ לענגערע צײַט פאַשען, האָדעווען. א, בהמות.
כ'האָב מיט דיר קיין חזירים ניט (אומ)
געפאַשעט = כ'בין פֿון אַ העכערער מדרגה ווי דו.

אומפורימדיק

מיט ז י ך — אוטוו, אַ לענגערע צײַט זיך
פאַשען. א, זיך אויפֿן פֿעלד ביזן ערשטן שניי.

אומפּגימהדיק — [...פעגי'מע..ׂ] אַדי. וואָס איז אָן אַ דעפֿעקט, פֿול, פֿולקום. „זײַן א'ער גלויבּן“, י. יאַנאַסאָוויטש, מיט יִדישע שרײַבּער אין רוסלאַנד. ־יקייט.

אומפּובּליקירט — אַדי. אומפֿאַרעפֿנטלעכט, געבּליבּן ניט־אָפּגעדרוקט, ניט בּאַקאַנט געמאַכט. א'עד כּתבֿ־יד. א'ע בּריוו. א'ער בּאַשלוס.

אומפּובּליקירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע דאַרף (קען) ניט פּובּליקירן. א'ע גראָבּע רייד. אַן א'ער מאַנוסקריפּט פֿון אַ גראַפֿאָמאַן ־קייט.

.

אומפּודערן — טרוו. ־דער אום, ~געפּודערט. אָפּט מיט ז י ך. 1. אַ לענגערע צײַט (פֿון אַלע זײַטן) אַרויפֿגעבּן פּודער. שטיין פֿאַרן שפּיגל שעהן־לאַנג און א, ס'גאַנצע פּנים. א, מיט זייפּפּודער פֿאַרן וואַשן. 2. איבּערפּודערן, פּודערן פֿונדאָסנײַ. א, דאָס עופּעלע נאָכן אויסבּאָדן.

אומפּוטען זיך — ← אומפּלאָנטערן זיך.

1. אַרומקריכן. “דאָס קינד קען נאָך ניט גיין,

אומפּויזען — אוטוו. ־זע אום, ~געפּויזעט.

אָבער עס פּויזעט שוין אום“, רייד. „מיר וועלן
נאָך לאַנג א, אין די פֿלאַכע וואַסערן פֿון דער
צײַט־ליטעראַטור„, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. 2. זיך דערנידעריקן פֿאַר עמעצן. א,

פֿאַר דעם האַר. „א, וועט איר אין שטויב פֿאַרן
ייִדן און בויען אים טעמפּלען, און בעטן„, אַל III,
עליאַ קאַפּיטאָלינאַ„. ־עניש.

אשפּויקן — פּויק אום, ~געפּויקט. טרוו ----
אַ לענגערע צײַט (אויס)פּויקן. א, דעם זעלביקן
מאַרש. אוטוו — אַ לענגערע צײַט פֿאַרשפּרייטן
קלאַנגען. א, אין אַלע פּויקן וועגן דעם סקאַנדאַל.
־עכץ. ־עניש.

אומפּונקטירט — אַדי. אויך: ~
פּונקטואירט. וואָס איז אָן אָפּשטעלצייכנס, אָן
נקודות, אָן דיִאַקריטישע צייבנס. א'ער טעקסט.
־קייט — די א, וואָס מאַכט שווער דאָס
פֿאַרשטיין.

אומפּוסטעווען — אוטוו. ־טעווע אום, ~
געפּוסטעוועט. אַ לענגערע צײַט פֿאַרבלײַבן פּוסט,
ליידיק. „עס פּוסטעווען אום די שטיבער מיט

די פֿאַרהאַקטע לאָדנס".
אומפּוסטעפּאַסעווען — אוטוו. ־סעווע אום, ~(גע)פּוסטעפּאַסעוועט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס, ליידיק (צי מע וויל ניט אַרבעטן, צי מע האָט ניט קיין אַרבעט).
א, איבער גאַסן. א, ווי אַ לאָבוס.
אומפּוקען — אוטוו. ־קע אום, ~געפּוקעט.
1. אַ לענגערע צײַט מאַכן פּו־פּו. 2. (בײַם ווענדן זיך צו אַ קינד) אַרויסגעבן בּויכווינט.
„מײַן ייִנגעלע פּוקעט אום, מײַן ייִנגעלע דאַרף זיך זעצן אויפֿן טעפּעלע„, רייד.
אשפּוריטאַניש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך (כאַראַקטער) פֿון אַ פּוריטאַן. א'ע אויסברענגערײַ. ▯קייט.
אומפּורימדיק — אַדי. 1. [אַקצענט אויפֿן ערשטן טראַף] וואָס איז ניט פּאַסיק פֿאַר פּורים. א'ע ערנסטקייט. 2. [אַקצענט אויפֿן צווייטן טראַף] וואָס איז אום פּורים. א'ער מאַסקעראַד.

אומפּורימטיש

אומפּוריסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט די פּרינציפּן פֿון אַ פּוריסט. דאָס א'ע ניצן דײַטשמעריזמען. דער א'ער מאָדערניזם אין

קונסט. ־קייט.
אומפּזרנותדיק — [...פּאַזראָ'נעס...] אַדי. ניטפֿאַרשווענדעריש. אַן אויסגערעכנטע, א'ע פֿירונג פֿון דער בעלי־בתּישקייט ־יקייט.

.

אומפּיאַנעווען — אוטוו. ־נעווע אום, ~ געפּ אַנעוועט. סל. אומשיכּורן, אומזויפֿן (מיט
י
מער ביטול). א, טאָג און נאַכט.
אומפּיאָנעריש — אַדי. אויך: ־ניריש. וואָס איז ניט לויטן כאַראַקטער פֿון אַ פּיאָנער. א'ע צוריקגעהאַלטנקייט, קאָנסערוואַטיווקייט. ־קייט.
אומפּיגמענטירט — אַדי. וואָס האָס ניט אין זיך קיין קאָליר־איינסן. א'ע ווײַסע פֿליגעלעך. ־קייט.
אומפּײַנ קן — טרוו. ־ניק אום, ~געפּײַניקט. פּײַניקן, מאַטערן אַ לענגערע צײַט (אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים). א, עמעצן און ניט אָפּלאָזן אים אויף קיין רגע.
אומפּײַנלעך — אַדי. ניט־פּײַנלעך, אָנווייטיקדיק. א'ע אָפּעראַציע. „מע האָט אים זייער גרינג און אויף אַן א'ן אופֿן — געהייסן גיין“, יג, טמז, 23 X 1964. ־קייט.
אומפּײַקלען — טרוו. ־קל אום, ~געפּײַקלט.

דזוו אומפויקן, טרוו (נאָר אויף אַ פּײַקל).
־עניש.
אומפּילדערן — אוטוו. ־ער אום, ~געפּילדערט.
כּסדר, אַ לענגערע צײַס פּילדערן, טומלען. א,
אונטער די פֿענצטער און פֿאַרדולן דעם קאָפּ.
־ניש.
אומפּיל(נ)עווען — טרוו. ־(נ)עווע אוס, ~
געפּיל(נ)עוועט. אַ לענגערע צײַט שטאַרק צוהיטן,
אַכטונג געבן. א אַ שווערן חולה, אַ ליבּ קינד.

אומפּילפּולריק — ← אומפּלפּולדיק.
אומפּינטלען — ־טל אום, ~געפּינטלט. אוטוו
— אַ לענגערע צײַט און גיך־גיך פֿאַרמאַכן און
עפֿענען די אויגן. א, מיט די אויגן ווי אַ תּם.
טרוו — אַ לענגערע צײַט מאַכן פּינטעלעך
אַרום.
פּינטלען. א, אַ פּאַפּיר, מאַכן עס עקודים נקודים
ובֿרודים. ־עניש.
אומפּינקטלעך — אַדי. וואָס שטימט ניט ביזן
סוף מיט דעם וואָס ס'האָט באַדאַרפֿט זײַן.
ניטפּינקטלעך, ניט־אַקוראַט. קומען א, צו דער
אַרבעט. „נאָך מער ווי עס זײַנען פֿאַראַן פּינקטלעכע
מאָסן, זײַנען בנמצא א'ע„, ימ, ייִשפּ 3 ,I X.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפּיעטע'ט — די. מצ נב. דאָס וואָס איז
אָן פֿאָרכטיקייט, אָן אַראָפּפֿאַל. אַרויסוווײַזן א',
אַפֿילו ווען עס רעדט זיך וועגן הייליקייטן ־יש.
־
.
אומפּיפּס(ע)ן — אוטוו. פּיפּס(ע) אום, ~
געפּיפּס(ע)ט. אַ לענגערע צײַט אַרויסבּרענגען
שוואַכע, דינע קלאַנגען. א, ווי אַ פֿייגעלע,
מײַזעלע. ־עניש.
אומפּיפּקען — אַקוזוו. ־קע אום, ~געפּיפּקעט.
כסדר, אַ לענגערע צײַט רייכערן (ספּעצ אַ
פּיפּקע). א, אַ ליולקע־ציבּיק. ־עניש.
אומפּיקאַ'נט — אַדי. וואָס רייצט ניט דעם

געשמאַק אָדער אַ בּאַגער (ספּעצ סעקסועלן).
א'ע שפּײַזן. א'ע אַגעקדאָטן, געשיכטעס. ־קייט.
אומסירכ(ק)ען — אוטוו. ־כ(ק)ע אום, ~
געפּירכ(ק)עט. אַ לענגערע צײַט שווער הוסטן (ווי
אַ פֿערד). א, בּײַ אַ צוקילונג. א, ווי אַ
לאָקאָמאָטיוו.
אומפּישטשען — אוטוו. ־שטשע אום, ~
געפּישטשעט. דזוו אומפּיפּס(ע)ן. א, ווי אַ קראַנק
עופֿעלע. א, ווי אַ פֿייגעלע ־עניש.

.

אומפּישן — טרוו. פּיש אום, ~געפּישט. (אומאיידל) אַרומפּישן. א, אַ פּלויט.

אומפלאָגן — טרוו. פל: אום, ~געפּלאָגט. אַ לענגערע צײַט פּלאָגן, מאַטערן. א, עמעצן, אַרויסנעמען פֿון אים ס'חיות. מיט ז י ך — אוטוו. דורכלעבן כּלערליי מאַטערנישן (אין פֿאַרשיידענע ערטער). א, זיך פֿריִער אין דער אַלטער היים און דערנאָך אין דעם גאָלדענעם לאַנד ־עניש.

.

אומפּלאַטאָניש — אַדי. וואָס איז ניט לויט דער שיטה פֿון פּלאַטאָ(ן). סענסועל, סעקסועל. א'ע ליבּע. ־קייט.

אומפּלאַטינירט — אַדי. ניט איבּערגעצויגן מיט פּלאַטין. אַן א, שיסעלע פֿאַר זײַערס.

אומפּלאָמבּירט — אַדי. וואָס איז געבּליבּן אָן אַ פּלאָמבּע. א'ער צאָן. א'ע סחורה. ־ערהייט — אַדוו.

אומפּלאָנטערן — אוטוו. ־ער אום, ~געפּלאָנטערט. אַ לענגערע צײַט (זיך) וואַקלען, טאָן מיט שווערקייט (ניט דערגרייכנדיק דעם ציל). א, מיט די פֿיס ווי אַ שיכּור. א, מיט דער צונג. א, און אָנפּלאָנטערן און ניט קענען זיך

אויספּלאָנטערן. מיט ז י ך — 1. אַרומדרייען זיך און שטערן. „די קינדער פּלאָנטערן זיך דאָ אום אונטער די פֿיס. נעם זיי צו"„ רייד. 2. זײַן אומגעוואונטשן, איבעריק. א, זיך אַן אומגעבעטענער. ־ניש.

אומפּלאַנירט — אַדי. 1. פאַר אומפּלאַנירן ←. 2. וואָס מע האָט פֿאַר דעם קיין פּלאַן ניט אויסגעאַרבעט (געמאַכט). ספּאָנטאַנע, א'ע דעמאָנסטראַציע, אָוואַציע. א'ער אָנגריף. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפּלאַנירלעך — אַד . נעאַל. וואָס מע קען ניט פּלאַנירן. די א'ע צוקונפֿט ־קייט.

.

אומפּלאַנירן — טרוו. ־ניר אום, ~(גע) פּלאַנירט. 1. אַ לענגערע צײַט פּלאַנירן און פֿאָרויסזען פֿאַרשיידענע מעגלעכקייטן. גוט א, אַ גרויסן פּראָיעקט. 2. איבערפּלאַנירן. א, די גאַנצע אַרבעט.

אומפּלאַנמעסיק — אַדי. וואָס איז ניט לויט אַ פּלאַן. א'ע אַרבעט ־יקייט.

.

אומפּלאַסטיש — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט מאָדעלירן, קלעפּן, איבערפֿורעמען (און דערבײַ ניט צעברעכן). א'ע מאַטעריאַלן. 2. וואָס מאַכט

ניט דעם אײַנדרוק אַז עס איז פּלאַסטיש. א'ער טאַנץ ־קייט.

.

אומפּלאַסטערן — טרוו. ־ער אום, ~ געפּלאַסטערט. איבערפּלאַסטערן אָדער פּלאַסטערן פֿון אַלע זײַטן. א, די ווענט.

אומפּלאַפּלען — אוטוו & טרוו. ־פּל אום, ~ געפּלאַפּלט. אַ לענגערע צײַט פּלאַפּלען, רעדן

אומפּסהדיק

פּוסטע רייד. א, (וועגן) אַלץ וואָס עס קומט אויף דער צונג. ־עניש.

אומפּלאַצירן — טרוו. ־ציר אום, ~(גע) פּלאַצירט. איבערזעצן אָדער בכלל געפֿינען אַן אַנדער אָרט (צו זײַן, וואוינען). א, די קלענערע קינדער, זיי זאָלן זיצן אין די ערשטע רייען. א, זעלנער, פּליטים.

אומפּלוידערן — טרוו. ־ער אום, ~ געפּלוידערט. דזוו אומפּלאַפּלען (אָבער מיט ביטול). ־ניש.

אומפּליאָטקעווען — אוטוו. ־קעווע אום, ~געפּליאָטקעוועט. אַ לענגערע צײַט פֿירן (מאַכן) פּליאָטקעס. א, אויף עמעצן מיט גיפֿטיקע

רכילותלעך.

אומפּלידנע — אַ ‏ ‏י. אוקר. וואָס פּלידעט ניט, האָט ניט קיין קינדער (וועגן בעלי־חיים). אַן א, קו. אומאיידל וועגן מענטשן: אַן א, ייִדענע מיט הערעלעך אויף דער גאָמבע.

אומפּליוכען — אוטוו & טרוו. ־כע אום, ~ געפּליוכעט. אַ לענגערע צײַט פּליוכען; שטאַרק גיסן אַרום און אַרום. עס פּליוכעט אום דאָ און מײַלן־ווײַט אַרום. א, וואַסער, מאַכן אַ גאַנצן טײַך. ־עניש.

אומפּליוסקען, ~פּליושקען — ־קע אום, ~געפּליוסקעט, ~געפּליושקעט. אוטוו — צעמישן, צעבורען וואַסער מיט אַ פּליוסק. א, אין וואַנע, אין וואַסער. אויך מיט ז י ך. א, זיך אין טײַך. טרוו — אומוואַשן, אומשווענקען ניטאַקוראַט, ניט־גוט. א, די וועש. מיט ז י ך — רעפֿל. זיך א, און בלײַבן מיט אַ שמוציקן האַלדז און מיט בלאָטע אין די אויערן. ־עכץ. ־עניש.

אומפּליעסקען — ־סקע אוס, ~געפּליעסקעט. אוטוו — כסדר פּאַטשן מיט די הענט. א, און שרײַען בראַוואָ. טרוו — אומגיסן מיט אַ פּליעסק. א, וואַסער פֿון עמער אין פֿעסל אַרײַן. ־עניש.

אומפּל(י)ע(ש)טשען — אוטוו. ־(ש)טשע

אום, ~געפּל(י)ע(ש)טשעט. 1. אומפּליוסקען. א, אין (מיט) וואַסער. 2. אומפּליאָטקעווען. א, מיט דער צונג. ־עניש.

אומפּלפּולדיק — [...פּילפּל...] אַדי. וואָס האָט ניט קיין שאַרפֿן, חריפֿותדיקן אַנאַליז; ניט־קאַזואיסטיש. א, לערנען אַ פֿילאָסאָפֿישן טראַקטאַט.

אומפּניהדיק — [...פּנִ'ע...] אַדי. וואָס איז אָן אַ ספּעציעלער פּערזענלעכער כּוונה, אָן איכישער פֿאַראינטערעסירטקייט. „דער מחבר טראַקטירט שטרענג־וויסנשאַפֿטלעך, א', אָביעקטיוו“, ברידער גאָרדין, דער יונגער איד, חודשניק, ווילנע 1911, No 1. ־יקייט.

אומפּסולתדיק — [...פּסוי'לעס..□] אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך אָפּפֿאַל, בראַק. „ניטאָ קיין א'ע□. זאָמען“ [= אויך: ניטאָ קיין אומבאַפֿלעקטער נאָמען.ביידע זאַצן ווערן אויך אַרויסגעזאָגט צוזאַמען], סוחריש שוו. ־יקייט.

אומפּסהדיק — [...פּיי'סעכ, פּייסאַכ...] אַדי. 1. [אַקצענט אויפֿן ערשטן טראַף] וואָס איז ניט פּאַסיק פֿאַר פּסח; וואָס איז גיט כּשר לפּסח. א'ע עסנס. א, געבראָטנס. 2. [אַקצענט אויפֿן צווייטן סראַף] וואָס איז אום פּסח. די יערלעכע א'ע וואַלן אין פּאַראיי□

-

אומפּסיכאָלאָגיש

אומפּסיכאָלאָגיש — אַדי. וואָס איז ניט בהסכּם מיט דער לערע (די פּראַקטישע אָנווענדן פֿון פּסיכאָלאָגיע; וואָס שטימט ניט מיט דער פֿאָרשטעלונג וועגן געפֿילן און כאַראַקטער פֿון אַ בעל־דבֿר. א'ער אַרײַנמיש. אוממאָטיווירטע און א'ע האַנדלונגען פֿון דעם העלד (פֿון אַ ווערק). ־קייט.

אומפּעדאַגאָגיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט די פּרינציפּן, דער ליניע פֿון פּעדאַגאָגיק. א'ע שטראָפֿמיטלען. האַנדלען א'. „אָט די א'ע לערוסיסטעם פֿירט דערצו, אַז די קינדער וואַקסן ...

אויס גראָבע־יונגען אָן עלעמענטאַרע ידיעות“, צינ I‏ י. ־קייט.

אומפּעדאַנטיש — אַדי. ניט־גענוג אָפּגעהיט בנוגע אַ ל ע קליינע פּרטים, כּללים פֿון אויפֿפֿיר אע. „מע זאָגט אַז אַ לערער איז אַ פּעדאַנט. דאָס וואָרט פּעדאַנט האָט אַפֿילו באַטײַט: אַ לערער. אָבער אַ גוטער לערער איז א',,, רייד. ־קייט.

אומפּעדלען — אוטוו & טרוו. ־דל אום, ~

געפּעדלט. אַמ. אַרומטראָגן איבּער די הײַזער סחורה צו פֿאַרקויפֿן. א, (מיט) צירונג, (מיט) זאָקן אאַזוו.
אומפּעולהדיק — [...פּעאו'לע...] אַדי. וואָס ווירקט ניט, האָט ניט קיין פּעולה. א'ע מיטלען. א, לערנען. ־יקייט — „די אָפּגעריסנקייט פֿון לעבּן, די א'„ בּרידער גאָרדין, אונדזערע חיבּורים, ווילנע 1912. ־יקייט.
אומפּעלצן — טרוו. פּעלץ אום, ~געפּעלצט. אַרומפּעלצן, אָנפּעלצן פֿון אַלע זײַטן. גוט א, דאָס קינד אין אַזאַ פֿראָסט. אָפּט מיט ז י ך. ־עניש.
אומפּענדזלען — טרוו. ־דזל אום, ~ געפּענדזלט. 1. אַ לענגערע צײַט אַרבּעטן, אומשמירן מיט אַ פּענדזל; אומפֿאַרבּן (בּײַטעם: ניט גענוג גוט). א, די ווענט. 2. איבּערפֿאַרבּן. ־עניש.
אומפּענטען — טרוו. ־טע אום, ~געפּענטעט. 1. אַרומפּענטען, אַרומבּינדן. א אַ פֿערד די

,

פֿאָדערשטע פֿיס. א, אַן אָקס אויף אַלע פֿיר. 2. פּענטען נאָכאַמאָל (אויף אַן אַנדער אופֿן).
אומפּענסיאָנירט — אַדי. געבּליבּן אָן רעגולערער געלט־אונטערשטיצונג נאָכן צוריקציִען

זיך (אָדער אָפּזאָגן) פֿון לאַנגיאָריקער אַרבעט.
די נויטן פֿון א'ן.
אומפעסימיסטיש — אַדי. 1. ניט־
פּעסימיסטיש, וואָס איז אָן שווערן געמיט וועגן דעם
וואָס געשעט אָדער וועט געשען. א'ער בליק.
2. ניט־אומעטיק, ניט־טרויעריק. זײַן א', כאָטש
די לאַגע איז גאָרניט פֿויגלדיק ־קייט.

.

אומפּעסלעך — אַדי. דזוו אומפּאַסלעך ←.
← אומפּאַס. „אבר איך האב מיך אום פּעסליך
גימאכט„, מכירת יוסף, פּפֿדמ 1713 [אַוו].
„איך מיינשטי צײַט בין ל״ע [= לא עליכם]
און פּעסליך גיוועזין“, גה, 319. ־קייט —
„מײַן גימאלין זליכה איבר איר א, קאַן זיא ניט
בייא וואהנן דיזי פּרייד„, מכירת יוסף פּפֿדמ

,

1713 [אַווע].
אומפּערזאָניק — אַדי. נעאָל. וואָס בינדט זיך
ניט מיט (אָדער איז ניט אָפּהענגיק פֿון) אַ
פּערזאָן (אין גראַמ מיט דער ערשטער, צווייטער

אָדער דריטער פּערזאָן פֿון אַ ווערב). א'ע

פֿאָרמען פֿון ווערב: אינפֿיניטיוו, פּאַרטיציפּ.
אומפּערזענלעך — אַדי. 1. וואָס האָט ניט די
אייגנאַרטיקייט פֿון יחיד. „עס איז אַ סתּירה צו
באַגריפֿן [דעם אַבסאָלוט] אַלס פּערזענלעך; און
עס איז אַ סתּירה צו באַגריפֿן אַלס א'“,
מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. „דאָס
ערגסטע איז, וואָס אויך דער אופֿן שרייַבן...איז
אַ גרויער און אַן א'ער„, שנ, דערציילערם און
ראָמאַניסטן 2 .II. ניט־פּריוואַט. קומען צו
עמעצן וועגן (מיט) אַן א'ן ענין. 3.
ניטסוביעקטיוו. „[ער] איז דורכויס א, — דאָס איז
אַ גרויסע מעלה פֿאַר אַ קריטיקער“, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II. „אַ סאָרט א'ע רואיקייט
וועלכע גייט אַריבער די גרענעצן פֿון דער
מענטשלעכער טבֿע“, אַבֿ, שולמאַן, צוק, דעצ,
1961. 4. וואָס איז ניט מיט אַן אָנטייל פֿון אַ
פּערזאָן. „אַרום פֿופֿציק טויזנט קינדער [זייַנען]
געבאָרן געוואָרן אין לאַנד דורך דער דאָזיקער
א'ער באַפֿרוכפּערונג„ פֿאָר, 2 XII 1962. א'ער

,

ו ו ע ר ב — אין ייִדישער גראַמאַטיק, ווערב
געניצט נאָר אין דריטער פּערזאָן איינצאָל מיטן
סוביעקט עס. למשל: עס רעגנט, עס שנייט, עס
בליצט אע.

אומפּערזענלעכקייט — די (דאָס), ־ן.
1. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפּערזענלעך. „אויסהיטן דאָס אינעווייניקסטע לעבן קעגן דעם אַרום פֿון בלינדער א'", ש. ביקל, טמז, 2 .8 1957 XII. נאָר מיט ד י. יחיד וואָס האָט ניט אין זיך גענוג אייגנאַרטיקייט. ער איז אַ גרויע א'.
אשפּעריאָדיש — אַדי. וואָס איז ניט אין באַשטימטע צײַט־אָפּשניטן, נאָר פֿון צײַט צו צײַט. פּעריאָדישע און א'ע קראַנקייטן. פֿון צײַט צו צײַט, א'ע ליטעראַרישע העפֿטן, נ„י 1925. ־קייט.
או'מפּערמאַנע'נט — אַדי. 1. אומבאַשטענדיק, דערווײַליק. 2. פֿאַרגייאיק. א'ע רעוואָלוציעאויסבראָכן. א'ער מאַגנעט. ־קייט.
אומפּערמאַנע'נץ — די, ־ן. אומבאַשטענדיקייט, דערווײַליקייט, צײַטווײַליקייט.
או'מפּערסאָנאַ'ל — דער, ־ן. נעאָל. שלעכטע, אומגעראָטענע גרופּע אָנגעשטעלטע (אין אַ ביוראָ, קאַנטאָר, אַמט אע). „ווי באַפֿרײַט מען זיך פֿון דעם איצטיקן א'?„, רייד.
אומפּעדס 'ל, ־נע'ל — אַדי. דזוו אומפּערזענלעך. א'ע מאַיאָנטקעס פֿון דער קירך. פֿריִער אַ פּערסאָנאַלע, דערנאָך אַן א'ע אוניע.

אומפּער(ע)בּענדעווען — אוטוו. ־דעווע
אום, ~געפּער(ע)בּענדעוועט. אוקר. אַ
לענגערע ציַיט אַרויסוויַיזן גרויסע קאַפּריזן,
איבּערקליַיבּן איבּער יעדער מאָס. ״דאָס ניט און
יענס ניט, גאָרניט טויג נישט, פּערעבּענדעוועט
אום צום חלשן״, רייד.
אומפּערפֿע'קט — אַדי. אומפֿולשטענדיק,
ניט־שלימותדיק. „אַן א'ע נאַטור״, א. י. העשל,
דווקא, 41־42. ־קייט — „פּערפֿעקטקייט און
א, זענען דעריבּער, אין־דער־אמתן נאָר מאָדוסן
פֿונעם דענקען״, ש. ווינער, די עטיק, ישׂראל
19□3.

אומפּראָדוקטיווקייט

-

אומפּערסעקטירט — אַדי. אומפֿאַרפֿולקומט;
וואָס איז ניט דערפֿירט געוואָרן צו דער מדרגה
פֿון זיַין פּערפֿעקט. א'ע עקספּערימענטן.

אומפּערסעקציע — די, ־ס. דזוו אימפּער
פּעקציע ←.
אומפּראָבּלעמאַטיש — אַדי. וואָס האָט ניט
(בּרענגט ניט מיט זיך) קיין פּראָבּלעם,
שוועריקייט, אומזיכערקייט, ספּקדיקייט. א'ע, נאָרמאַלע
תּלמידים. ־קייט.
אומפּראַגמאַטיש — אַדי. 1. אומפּראַקטיש.
א'ער טוער. 2. וואָס איז ניט לויט דער שיטה
פֿון פּראַגמאַטיזם. א'ע טעאָריע פֿון וויסן. „זוכן
עוקר צו זײַן יעדע א'ע דויערניש פֿון געפֿיל און
שׂכל“, ש. בּיקל, שרײַבער פֿון מײַן דור, נ"י
1958. ־קייט.
אומפּראָגרעסי'וו — אַדי. 1. וואָס איז ניט
לויט דער אידיי (שיטה) פֿון געזעלשאַפֿטלעכן
פּראָגרעס. א'ע געדאַנקען, אײַנשטעלונג אע. א'ע
דערציאונג. 2. וואָס די אַנטוויקלונג פֿון דעם
האָט זיך אָפּגעשטעלט. א'ער פּאַראַליז. ־קייט.
אומפּראָגרעסירט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט בּאַוועגט (נעשטויסן) צו גיין פֿאָרויס, זיך
צו אַנטוויקלען פֿאַרשקלאַפֿטע און א'ע מאַסן.
.
אומפּראָגרעסירנדיק — אַדי. וואָס גייט ניט
פֿאָרויס, אַנטוויקלט זיך ניט (אין דער ריכטונג

פֿון בעסער). א'ע תּלמידים.
אומפּראָדוצירט — אַדי. ניט־געמאַכט,
ניטגעשאַפֿן ווי אַ פּראָדוקט פֿון אַרבעט. דער א'ער
טייל פֿון דער באַשטעלונג.
אומפּראָדוציתדיק — אַדי. וואָס פּראָדוצירט
ניט.
אומפּראָדוקטי'וו — אַדי. 1. וואָס שאַפֿט
ניט, בּרענגט ניט אַרויס קיין (נײַעם) פּראָדוקט.
א'ע אַרבעט. א'ע פֿאַרמיטלערײַ. 2. ניט
פֿאַרנומען בײַ אַן אַרבעט וואָס איז נוצלעך פֿאַר דער
געזעלשאַפֿט. א'ער קלאַס. „די גויִם...האָבן...
געטראַכט...אַז ייִדן זײַנען טויגעניכצן,
ליידיקגייערס, אַן א'ער עלעמענט“, שנ, וועגן יודישע
שרײַבער I.
3. וואָס פּראָדוצירט וויניק, שאַפֿט וויניק
(רעלאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו). אַן א'ער
שרײַבער פֿאַרוואָס איז ער געוואָרן אַזוי א, און
.„
אומשעפֿעריש, אַפֿילו אין זײַן קליינער
פּראָדוקטיוויטעט“, יג, תּוך. "'לוינט, זיך ניט אַזעלכע
א'ע הינער צו שפּײַזן“, פֿאָר, 8 XI 1964.
4. אומפּעולהדיק, אומעפֿעקטיוו, וואָס איז אָן
רעזולטאַטן. א'ע באַמיאונגען. א'ער ס ו פֿ י ק ס
— סופֿיקס וואָס ווערט ניט מער גענוצט צו

פֿאָרמירן נײַע אָפּשטאַם־ווערטער [אײַנגעפֿירט פֿון יעספּערסאָן], למשל: ־ל פֿון די ווערטער: שליסל (שטאַם — 'שליס'), טריפֿל (שטאַם — 'טריף').
־ערהייט — אַדוו.
אומפּראָדוקטיווירט — אַדי. אויך: ־ וויזירט. וואָס מע האָט ניט געמאַכט, עס זאָל זײַן פּראָדוקטיוו, ספּעצ בּ2. א'ער קליינהענדלער.
אומפּראָדוקטיווקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפּראָדוקטיוו. „[ע] בּאַמיט זיך אַז זײַן בּיסל אָפּגעשפּאָרטע א, זאָל זײַן פּראָדוקטיוו און בּלײַבּעוודיק„, יג, תּוך.

אומפּראָדוקציע

אומפּראָדוקציע — די, ־ס. דאָס ניט־פּראָדוצירן. שלעכטע פּראָדוקציע. „ער האָט אויך גרויסע פֿינאַנציעלע רעסורסן און קען אויסהאַלטן אַ לאַנגע בּאַלאַגערונג פֿון א'“, בּצג, טמז, 14 2 19 XII.
אומפּראָוואָצירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט גורם געווען דורך העצן, אויפֿרייצן; ניט אַרויסגערופֿן בּכיוון. א'ע געשלעגן, מחלוקתן. „א'ע אַטאַקע אויף אַ צווייטער מלוכה„, בּצג, טמז,

8 1963 IX. ־ערהייט — אַדוו. זיך שלאָגן א'.
־קייט.
אומפּראָוויזאָריש — אַדי. ניט־דערוויַליק.
ניט־צײַטוויַליק. א'ער מיטל צו העלפֿן עמעצן
זיך שטעלן אויף די פֿיס. ־קייט.
או'מפּראָווינציע'ל — אַדי. וואָס איז ניט ווי
אין דער פּראָווינץ; ניט־קליינשטעטלדיק. א'ע
מאַנירן. בּרייטע א'ע מעגלעכקייטן ־קייט.
.
אומפּראַוועןן — טרוו. ־ווע אום, ~געפּראַוועט.
1. אַ לענגערע צײַט פּראַוועןן, טאָן פֿירן. א,
,
פֿוילע שטיק. 2. איבּערמאַכן, איבּערפּראַוועןן.
א, דעם קאָליר.
אומפּראָזאַאיש — אַדי. וואָס איז מער
דערהויבּן, מער דורכגענומען מיט געפֿיל, מיט
שיינקייט ווי אין דער געוויינלעכער פּראָזע. א'ער
סטיל פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעך ווערק. ־קייט.
אומפּראָטעזשירט — אַדי. ניט־געשטיצט,
וואָס איז ניט אונטער עמעצנס פּראָטעקציע.
קריגן אַרבּעט א'. א'ע פֿאָרשונג, אינדוסטריעלע
אַנטוויקלונג ־קייט.
.
אומפּראָטעסטאַנטיש — אַדי. 1. וואָס איז

ניט לויטן כאַראַקטער פֿון אַ פּראָטעסטירער. א'ע נאָכגיביקייט. 2. וואָס איז ניט לויט דער שיטה, (כאַראַקטער) פֿון קריסטלעכע פּראָטעסטאַנטן. א'ע צערעמאָניע, דעקלאַראַציע. ־קייט.

אומפּראָטעסטירט — אַדי. וואָס איז געבלי אָן אַ פּראָטעסט. א'ער באַשלוס. *א'ער וועקס = וואָס מע האָט אים ניט אַרײַנגעגעבן אויפֿצומאָנען דאָס געלט.

אומפּראָיעקטירט — אַדי. 1. פּאַר אומפּראָיעקטירן. 2. וואָס מע האָט ניט פּראָיעקטירט. א'ע אונטערנעמונג. ־קייט.

אומפּראָיעקטירן — טרוו. ־טיר אום, ~ פּראָיעקטירט. 1. אַ לענגערע צײַט פּראָיעקטירן. אומפּלאַנירן. א, אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן יִישובֿ. 2. איבערפּראָיעקטירן, איבערפּלאַנירן. נעמען אין באַטראַכט די צו גרויסע הוצאות און פֿונדאָסנײַ א'.

אומפּראָלאָנגירט — אַדי. ניט־פֿאַרלענגערט. א'ער וועקסל.

אומפּראָלעטאַריש — אַדי. 1. וואָס איז ניט אין די אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַר אַט. א'ע פּאָליי
טיק. 2. וואָס איז ניט לויטן כאַראַקטער פֿון פּראָלעטאַריער. א'ע קונסט, ראַפֿינירטקייט.

3. ניט־פּראָלעטאַריש. א'ע עלעמענטן פֿון אַ באַפֿעלקערונג ־קייט.

.

אומפּראָמינע'נט — אַדי. אומחשובֿ, ניטגענוג אַרויסגעהויבן (דערהויבן). א'ע קלענערע פּריצים. „מע טאָר ניט אַזוי א, אויפֿהענגען אַזאַ טײַער בילד„„ רייד. ־קייט.

620

אומפּראָפּאַגאַנדירט — אַדי. ניט געמאַכט פּאָפּולער; ניט באַמיט זיך צו פֿאַרשפּרייטן דאָס פּאָזיטיווע (פֿון אַ פּראָדוקט, אידיי). א'ע בראָשור. א'ער איזם.

אומפּראָפּאָנירט — אַדי. ניט־פֿאָרגעלייגט. אַ גוט צוגעגרייטע, אָבער א'ע רעזאָלוציע.

אומפּראָפּאָרציאָנירט — אַדי. וואָס איז ניט אײַנגעשטעלט (אײַנגעטיילט) לויט אַ פּראָפּאָרציע. א'ע חלקים. א'ער שוואַכער פֿונדאַמענט.

או'מפּראָפּאָרציאָנע'ל — אַדי. ניט־פּראָפּאָרציאָנעל. א'ע ערד־פֿאַרטיילונג. א'ע אבֿרים. ־קייט.

אומפּראָפּאָרציע — די, ־ס. 1. ניט־ריכטיקע פּראָפּאָרציע. למשל: a:b = a□:b. 2□.

אומסימעטריע. א, צווישן ביידע זײַטן פֿון פּנים.

אומפּראָפּיט(י)לעך — אַדי. וואָס קען ניט ברענגען קיין פּראָפּיט. ,,טראָגט זײַן א'ע פּראָפּעסיע מיט ווערדע“, יג, איק, 16 1962 II. אויך:

~פּראָפּיטיק — ,,מיט פּאַרקאָכטקייט אין אַזאַ א'ן ענין, ווי עס איז אַ בוך וועגן ייִדיש“, לע, טמז, 15 1964 XI.

אומפּראָסעטיש — אַדי. דטשמ. ניט־גבֿיאיש. א'ע רייד.

-

אומפּראָסעסאָריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך (כאַראַקטע) פֿון אַ פּראָפּעסאָר. א'ער וואולגאַרער אופֿן רעדן ־קייט.

.

או'מ ראָ

1. וואָס איז ניט פֿאַרבונדן מיט אַ
פֿעסיאָנע'ל — אַדי. אויך: ־
סיאָנאַ'.
שטענדיקער פּראָפֿעסיע, ווי מיט אַ פּרנסה־קוואַל.
א'ע ליבהאָבערס. א'ער ספּאָרט. א'ע הילף.
2. וואָס איז אָן געגוג קענטעניישן אין דער פּר ו.
פֿעסיע. טאַן עפּעס א', מעשׂה פּאַרטאַטש.
3. וואָס איז ניט לויטן כאַראַקטער פֿון
פּראָפֿעסיע פֿון פּראָפֿעסיאָנאַלן. א'ע באַציאונג,
,
האַנדלונג ־קייט.
.
אומפּראַצעווען — אוטוו. ־צעווע אום, ~
געפּראַצעוועט. אַ לענגערע צײַט פּראַצעווען, שווער
אַרבעטן. א, בײַ טאַטשקע אַרבעט פֿון

קינדווײַז אָן.
אומפּראָצעסירן זיך — אוטוו, קזוו. ־סיר זיך
אום, זיך ~פּראָצעסירט. אַ לענגערע צײַט פֿירן
פּראָצעסן, משפּטן זיך. יאָרן און יאָרן זיך א,
איבער אַ ירושה.
אומפּראַקטיקירט — אַדי. וואָס פֿאַרמאָגט
נאָך ניט קיין געניטקייט אין זײַן פֿאַך,

פּראָפֿעסיע. אַן א'ער כירורג, לערער אע. ־קייט.
אומפּראַקטיקירנדיק — אַדי. וואָס פֿאַרנעמט
זיך ניט מיט זײַן פֿאָך, זײַן פּראָפֿעסיע. אַן א'ער
דאָקטער, אַדוואָקאַט אע.
אומסראַקטיש — אַדי. היפּוך פֿון פּראַקטיש.
דערעיקר: 1. וואָס איז אָן רעאַלער
אויסגעפּרוּווטקייט, אָן לעבנס־דערפֿאַרונג. א'ע
באַלעבאָסטע. "זי איז זייער קלוג, נאָר א'", מ.
ראַגער, ראָמאַן פֿון דעך קליינשטעטלדיקער
ראַצעלען, וואַרשע 1887. "די וועלט באַשטייט פֿון
סאַמע א'ע פּראַקטיקער, מכּלומרשטע רעאַליסטן,,,
צײַט, טמז, 2 .29 1961 IX. ניט־לוינעוודיק;
אומניציק. א'ע נסיעה. ,,זײַנען אַזעלכע פּרוּוון

או'מפּרעטענציע'ז

אָנערקענט געוואָרן פֿאַר א'ע און אומטויגבאַרע",

סאָוו צ, [נש, ישפּ 3(10]. ,,די דאָזיקע פּראָצעדור
...איז פֿאַלש און א'" פֿגעז, פּאַריז 2 1948, No.

,

־קייט.
אומפּראָקלאַמירט — אַדי. ניט־געמאָלדן,
ניט־פֿאַרעפֿנטלעכט אויף אַ פֿײַערלעכן אופֿן.
"דאָס איז געווען אַן א'ע מענדעלע־וואָך,,, יג,

תּוך. —ערהייט — אַדוו.
אומפּרובּירן — טרוו. ־בּיר אום, ~(גע)
פּרובּירט. 1. אַ לענגערע צײַט פּרובּירן. א, עמעצנס
געטרײַשאַפֿט. 2 פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער

□ -

.

אופֿן פּרובּירן. א, דורכצופֿירן די אַרבּעט מיט
אַנדערע מעטאָדן.
אומפּרוּוון — טרוו. פּרוּוו אום, ~געפּרוּווט.
דזוו אומפּרובּירן. „...און דר מלך הט גוולט דשׂ
אום פּריבֿין...“, שי, מה/ב.
אומפּריבּענדעווען — ← אומפּער(ע)
בּענדעווען.
אומפּריווילעגירט — אַדי. ניט־פּריווילעגירט.
א'ע בּירגער. ־קייט.
אומפּריטשקעם — זוו. □נ□o□[□ו□[□]ח□e□]: □ □.
אוקר, מזרח־מיטן־גאַליציע. אָפּצוטיילן,
אָפּצושיידן; להבֿדיל — אָבּער אָן ווערט־בּאַטײַט [אין
אוק: פּונקט ווי, אַזוי ווי, אַזוי צו זאָגן]. „מײַן
קינד און א, דער יתום“. מכּלומרשט אַ פּשוטע
זאַך וואָס איז דווקא אַן אויסדרוק פֿון א'.
אומפּרימיטי'וו — אַדי. וואָס איז ניט־פּשוט;

וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ קולטור־אַנטוויקלונג. א'ע שטריכן פֿון דער אַבאָריגענער באַפֿעלקערונג ־קייט.

.

או'מפּרינציפּיע'ל — אַדי. וואָס איז אָן פּרינציפּ(ן). א'ע פּאָליטיק, פּשרה. א'ע האַנדלונג. ־קייט.

אומסריצעווען — אוטוו. ־צעווע אום, ~ געפּריצעוועט. כּסדר זיך האַלטן (זיך אויפֿפֿירן) ווי אַ פּריץ. א, און אויפֿרײַסן אַלעמענס אויגן.

אומפּרעגלען — טרוו. ־גל אום, ~געפּרעגלט. 1. איבערפּרעגלען. א, די קאַרשן, זיי זאָלן ניט פֿאַרזוקערט ווערן. 2. כּסדר, אַ לענגערע צײַט פּרעגלען. א, אײַנגעמאַכטסן ביז העט נאָך סוכּות. ־עכ ן. ־עניש.

אומפּרעזענטירט — אַדי. ניט־פֿאָרגעשטעלט; ניט דערלאַנגט (פֿײַערלעך). די א'ע מתּנה. א'ער קאַנדידאַט. א'ער לעצטער אַקט.

אומפּרעזערווירט — אַדי. ניט־אויפֿגעהיט (עס זאָל בלײַבן גאַנץ, זאָל טויגן צום עסן, צום ניצן). א'ער פּראָוויאַנט. א'ע פֿרוכט. כּמעט פֿאַרשניטענער א'ער מין אין דער וועלט פֿון בעליחיים. ־קייט.

או'מפּרעטענציע'ז — אַדי. באַשיידן; וואָס

איז אָן אָנשטעל, וואָס איז אָן פֿאָדערונגען,
מאָנונגען. א'ער מיטאַרבעטער. א'ער פּראָיעקט.
„דאָס פּשוטע א'ע בעל־חיימל, נישט פֿיל
אָנגעזעענער ווי דער ערדוואָרעם“, ש. בלום, בוים
פֿון לעבן, נ"י 1931. „א, אין זײַנע באַגערן□,
לע, טמז, 12 XI 1961. ־קייט — „דערוועקט
אַפֿילו סימפּאַטיע די א'...“, היימיש, אויג'־סעפּט,
.19□1

אומפּרע(מ)פּלען

אומפּרע(מ)פּלען — טרוו. ־(מ)פּל אום, ~ געפּרע(מ)פּלט. 1. אַ לענגערע צײַט רעדן גיך, אומקלאָר. כסדר א, די זעלביקע עטלעכע בקשות. 2. אומפּלאַפּלען, אומפּלוידערן. 3. פּעיאַ וועגן שפּילן אויף אַן אינסטרומענט. א, אַ ניגון. ־עניש.

אומפּרעצי'ז — אַדי. ניט־פּינקטלעך. א'ער מעכאַניזם. אַן א'ע אויסרעכענונג. —קייט.

אומפּשטלדיק — [...פּשעטל..□] אַדי. וואָס איז אָן פּשטל(עך). אויפֿנעמען אַ דערקלערונג א'. ־יקייט.

אומפּשרהדיק — [...פּשאָ'דע...] אַדי. וואָס איז אָן קאָמפּראָמיס. א'ע פֿאַרעקשנטע פֿאָדערונגען.

,
"א'ע שׂנאה צום דעספּאָטישן רעזשים", מ. און
ש פֿערדמאַן איבֿז שד, בֿריוו וועגן אַלטן און
.
נײַעם יִדנטום. „אליהו, דער א'ער דינער פֿון
גאָט", בֿ. ראַפּטשינסקי, פֿרײַלאַנד, פּאַריז 1961,
No 3־4. ־יקייט — "איז עס לייוויקן געלונגען
אָט די געשטאַלט [מהר„ם פֿון ראָטענבֿורג] פֿון
רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער א, אַרויסצוהייבֿן
אַזוי שטאַרק", לע, טמז, 5 1964 I.

אומסאַבֿריצירן — טרוו. ־ציר אום, ~
פֿאַבֿריצירט. 1. פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן
פֿאַבֿריצירן. "דער היזק איז גרויס, ווײַל מע
דאַרף א, דעם טײַערן אַרטיקל". 2. אַ לענגערע
צײַט פֿאַבֿריצירן. אַ גאַנץ יאָר א, איינס און דאָס
זעלבֿע.

-

אומסאַוואָריזירט — אַדי. ניט־געשטעלט אין

פּאָזיציע פֿון אַ ליבלינג פֿון דעם וואָס קריגט די

,

בכורה. א'ער קאַנדידאַט פֿאַר אַ פּאָסטן.
אומפֿאַוואָריטיש — אַדי. וואָס איז להיפּוך
ווי בנוגע צו אַ ליבלינג. יושרדיק און א,
באַשטימען ווער עס זאָל פֿאַרנעמען אַ פּאָסטן.

אומסאָטאָגעניש — אַדי. וואָס בײַם
פֿאָטאָגראַפֿירן קומט ניט אַרויס גענוג שיין. א'ע פּנימער.
־קייט.
אומפֿאָטאָגראַפֿירט — אַדי. ניט־
פֿאָטאָגראַפֿירט. „די צוויי בײַ דער זײַט זײַנען געבליבן
א„„.
אומפֿאַטאַליסטיש — אַדי. וואָס איז ניט
לויטן דרך פֿון אַ פֿאַטאַליסט. א, קעמפֿן קעגן
אייגענעם גורל. ־קייט.
אומפֿאָטעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויט דער
טבֿע פֿון אַ פֿאָטער. א'ע שטרענגקייט. ־קייט.
אומפֿאָטערלעך — אַדי. ניט־פֿאָטערלעך;
ניטאיבערגעגעבן. אַן א'ע באַציאונג. ־קייט.
אומפֿאָטערלענדיש — אַדי.
אומפּאַטריאָטיש. וואָס איז ניט אין אינטערעסן פֿון

פֿאָטערלאַנד.

אומפֿאַכמאַניש — אַדי. פּ־ פֿאַכמעניש,

□ □ □ ...,

□

~□אַכמענעריש. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ גוטן בעל־מלאָכה, אַ קענער פֿון אַ פֿאַך. אַן א, שטיקל אַרבעט. פֿאַרענדיקן א', אַבי פּטור צו ווערן. ־קייט.

□

אומסאָכען — אוטוו. ־כע אום, ~געפֿאָכעט. אויך: ~פֿאָכן. אַ לענגערע צײַט באַוועגן עפּעס (מיט דער האַנט) הין און צוריק. א, מיט אַ פֿאָן, געבן סיגנאַלן. □.א, מיט דער שווערד = סטראַשען מיט מלחמה. □א, מיט דער נשמה = קוים טעמען; האַלטן בײַם שטאַרבן. ־עניש.

אומפֿאַל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אומפֿאַלן.

2. אומגליק, אומגליק(ס)פֿאַל. מלל פֿאַרטײַטשט
'ומאלהים היתה תּבוסת אחזיהו, (דבֿרי הימים בּ,
כב, 7) — „אונפֿאַל" [תּי: „מפּלה] „און, עש איז
איין גלגל דש דא אלזו אום לויפֿט אין דעם
עולם. איצונדר איז דער אונפֿאל אויף איינם און,
מורגן איז ער אויף איינם אַנדערן", ספֿר היראה
דר, יונה, ציריך 1546 [פֿש II, 167]. „כּדי ער
ניקש בּיזוש און, קיין און פֿאַל אַן זייני קינדר
ארלעבּין„, גה, 211. „ווּעלכיר בּן אדם זיך
בּגאווה הלט איבּר אַל, לעצטליך קומט אויף
אים איין אפּנעמנש און אום פֿאַל", עיון, מג/א.
„זענען צו פֿוס אַריבּערגעאַנגען אין קאָרדאָן
אַרײַן אָן שום א'„, יפֿ, 73. „אויבֿ דער קראַנקער
האָט אַן ערנסטע אינפֿעקציע...אָדער אַן ערנסטן
א', קען ער קריגן ..", דר, געכמאַן, פֿאָר,
20 0 19 X.

אומפֿאָלגזאַם — אדי. דטשמ. נר.
שפּאַנישאידישער וובּ, בּ"א 1931. אומפֿאָלגעוודיק.
־קייט.

אומפֿאָלגנדיק — אַדי. וואָס פֿאָלגט ניט (אין
דער געגעבּענער סיטואַציע). א'ע קינדער.

אומפֿאָלגעוודיק — אַדי. וואָס פֿאָלגט
געוויינלעך ניט; וואָס האָט אַ טבֿע ניט צו פֿאָלגן.

אומדיסציפּלינירט. א'ער עקשן. זײַן א'. „ס'איז
געווען אומרואיק, א'„, ל. לאַסאַווין,
אַמעריקאַנער, 17 XI 1961. ־יקייט.
אומפֿאלדעוועז — טרוו ־דעווע אום, ~
גע־. I
פֿאַלדעוועט. איבערלייגן אין קנייטשן;
צונויפֿלייגן געקנייטשטערהייט; אויף אַן אַנדער אופֿן
פֿאַלדעווען. א, דאָס גאַנצע קלייד.
אומפֿאַליק — אדי. וואָס מע פֿאַלט דערבײַ
אום. א'ע קראַנקייט = די פֿאַליקע, עפּילעפּסיע.
„זײַן רבי...האָט געהאַט אַ קרענק, די חולי נכפּה
ר"ל, דאָס איז די א'ע קראַנקייט ר„ל„, שמ, קא"ב
רבֿ בק"ק א', השגחת השם, לעמבערג [יאָר?].
„האָסט מיר...אַ שם געמאַכט אַז איך האָב די
א'ע קראַנקייט", די פּטירה פֿון דעט בעלזעך
צדיק, לעמבערג 1894. [ווײַזט אויף דער
אַנטוויקלונג פֿונעם וואָרט: די פֿאַליקע].
אומפֿאַלן — אוטוו פֿאַל אום, ~געפֿאַלן.
— .
1. אַנידערפֿאַלן; מיטאַמאָל אָדער לסוף בײַטן
די שטייענדיקע פּאָזיציע אויף אַ ליגנדיקער און
בלײַבן ליגן. „העפּט זיא מיט נעגיל און, מיט
העמרן דשׂ זיא ניט אום פֿאַלן און, שטרויכלן",
מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, י, 4.

„מן אונ'פֿאַלט אין אונמאַכט, און, ער לאג צווישן דען טוט און, דשׂ לעבּן„, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764.
„ווען אום שבּת איז אומגעפֿאַלן איין לעכט אויף דעם טישטעך מעג מען דעם טיש איבּערקערן כּדי דאָס לעכט זאָל אַראָפּפֿאַלן„, ספֿר שלחן ערוך, ח„א, ט/ב. „זיך קוים אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס, האָבּ איך זיך געגעבּן אַ בּייג אָן צוריק און בּין ווידער אומגעפֿאַלן און געבּליבּן אַ פֿאַרשמאַכטער“, ממוס, '▯וריק אַהיים'. "שלאָגט אים...בּיז ער...גיט אַ פֿאַל אום אַליין אויף דער סאָפֿע“, שע, יוגנט־ראָמאַנען.
„איז אומגעפֿאַלן אַ לאָמפּ מיט נאַפֿט און עס האָט אָנגעהויבּן דער נאַפֿט צו בּרענען“, די פּטירה פֿון דעם בּעלזער צדיק, לעמבּערג 1894.
2. איַינפֿאַלן, חרובֿ ווערן. „איין בּ[אַ]רג ווען ער שוין אום פֿלט„, סהמ, איובֿ, יד, 18. „וויא

אומפֿאַלשעווען

איך אין מיַין בּעשׂטין שלאַף בּין גיוועזין, קומט עטוואשׂ ג, פּעמי, אַן מיַין טיר צו קלאַפּין אַלישׂ ווען דאז גנצי בּית זולט אום פֿאַלין“, גה, 168.
"דא פֿאַלט דר טארין אום, דא וואַרן געפֿנט די עקין פֿון (היכל)“, יוסיפֿון פֿיורדא 1764. „גאָר

,
אינגאַנצן א, און איַננעמען אַ מיתה משונה“,
ממוס, שטורעמציַט. „גיכער וועט א, אַ
קאַזאַרמע און מענטשן וועלן געהרגעט ווערן“, שע,
'דער אתרוג'. ׳.א, פֿון אַ (מינדסטן) בלאָז. „שטיין
איַזן־פֿעסט, אַז עס זאָל ניט מעגלעך זיַן פֿון
אַ מינדסטן בלאָז אומצופֿאַלן“, ממוס, ווינטשפֿ.
׳א, ווי אַ קאָרטנשטיבל — פֿון זיך, אָן אַ גורם
׳---
מן הצד.

3. ליַדן אַ מפּלה; דורכפֿאַלן. “וואָרן אַן
ערלעכער קען נאָך זיבן מאָל א, און ווידער
אויפֿשטיין“, מס, משלי, תקע„ד, כד, 16.

4. געשטרויכלט ווערן. „איך וועל ניט א', אויף
דור־דורות ניט זיַן אין קיין בייז„, תי, תהלים,
י, 6.

5. אומקומען. “ווען איך אים [= גאָ׳] ׳, ׳ ,
זוא מוז איך אום פֿאַלן„, ר, יעקבֿ בר, יצחק סג“ל
ש“ץ דק“ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ, פּראָג 1763.
“דער הולטיַ פֿאַלט דורך זיַן אייגן רשעות
אום“, מס, משלי, תקע“ד, יא, 5.

6. פּלוצעם, גיך אָנקומען, אָנפֿאַלן. “דער
פֿאַרנאַכט איז אומגעפֿאַלן, ער האָט...אַ לעצטן מאָל

אַ גלאַנץ געטאָן“, א. קאָהאַן, מענטשן פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927.

7. אַנשטאָט פֿאַלן. די רעגירונג וועט אינגיכ

א'. ־עכ ן. ־עניש.

אומפֿאלצן

— טרוו פֿ—־[. קנייטשן אויף אַן

. אַלץ אום, ~געפֿאַלצס.

ל

צעווען.

- —

פֿפֿ: ~ אַ

אַנדער אופֿן. א, עטלעכע בויגנס. 2. (

קאָמאַשןשטעפּעריי) מאַכן דינער ברעגן פֿון לעדער כּדי

צו פֿארבייגן. א, כאָליאַווקעס. א אַ פּאַסיק.

,

-

אומפֿאָלק — דאָס, ~פֿעלקער. שלעכט, ווילד

פֿאָלק. דאָס א, פֿון די נאַציס. „זיי האָבן מיך

דערצערנט מיט אַן אומגאָט...און איך וועל זיי

דערצערענען מיט אַן א, [בלא־עם]“, תּי, דבֿרים,

לבֿ, 21. „עס איז אויפֿגעשטאַנען קעגן אונדז,

קעגן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, אַ געמיין א',,, ימ
איבּז, שד II□, בּ,,א 1953.

או□פֿאָ□□□מ□ן
— דײַטש. נר. ← אומפֿולקום.

□ נהייט — די, ־ן. דײַטש. נר.
אמ

□

אומסאָ
אומשלימותדיקייט. ,,גיין צו גרונט צוליב זײַנע אינעווייניקסטע א'ן,,, בּעמ I.

אומפֿאָלקיש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי בײַם (פּשוטן) פֿאָלק; וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פֿאָלק. א'ע אויסדרוקן, פֿירונגען. —קייט.

אומפֿאָלקסטימלעך — אַדי. ניט־פֿאָלקסטימלעך; וואָס איז ניט אין נוסח (גײַסט) פֿון פּשוטן פֿאַלק פֿון עמך. אַן א'ער סטיל ־קייט.

□ , .

אומפֿאָלשטענדיק — אַדי. דטשמ. ←
אומפֿולשטענדיק. ־יקייט — ‘‘די א, פֿון דעם ספֿר,,,
עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי

.18

אומפֿאַלשעווען — אוטוו. ־שעווע אום, ~ געפֿאַלשעוועט. אַ לענגערע צײַט זײַן (האַנדלען) פֿאַלש. א, בײַם האַנדלען. א, און צבֿויאַקעווען. פֿרגל ~פֿעלש(עווע)ן.

או'מפֿאַמיליאַ'ר

או'מפֿאַמיליאַ'ר, ־ליע'ר — אַדי. ניט־משפּחהדיק, ניט גענוג נאָענט, ניט־אינטים, ניט גענוג באַקאַנט. א'ע באַציאונגען. ניט קיין היימישע, אַן א'ע סבֿיבֿה. ־קייט.

אומפֿאַנאַטיש — אַדי. ניט־פֿאַנאַטיש פֿרום,

.

אָבער א'. אַ ניכטערער, א'ער צוגאַנג. ־קייט.

אומפֿאַנג — דער, ־ען. דטשמ. [אָפֿט געניצט אין ליטרש]. 1. אומקרײַז, קרײַזליניע, אַרומנעם, היקף. „דער באַלאָן האַלט אין א'...און האָט אינעווייניק...“, קמ, 32 1865, No. „אַ בוים...ער איז אַזוי דיק אין א אַז צוויי מענטשן...קענען

,

אים ניט אַרומנעמען“, צעד. „בײַ אַ זעקסוואָכיקן קינד דאַרף האַלטן דער א, פֿון קעפּל בערך 50 צ„מ“, פֿגעז, ווילנע 1928, No 11.

2 פֿאַרנעם (געאָמעטריש). א, פֿון אַ קובּ פֿון

. ,

אַ קאָנוס אאַזוו. אורח פֿאַרטײַטשט 'תּכן, (יחזקאל, מה, 11): א', אינהאַלט. „קילט איר אָפּ אַ גאַז, ווערט אויך קלענער זײַן א'“, זשיט III, נ„י 1912. אויך: דאָס וואָס איז גרויס־פֿאַרנעמיק. „דער אָרט איז אַן א', אַ פֿאַרנעם“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

3 פֿאַרנעם, היקף (געזעלשאַפֿטלעך, אינהאַלט.

לעך, אַבּסטראַקט). „דער א, פֿון דער דערציילונג דערלויבּט ניט זיך אַרײַנלאָזן אין יעדנס לעבּן“, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. „Iויבּ דעם פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך בּאמת אײַנגעבּן צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע, וועט ער...זי מוזן פֿאַרענטפֿערן אין אַזאַ א', אַז אויך אַלע אַנדערע קלאַסן ...זאָלן זיך בּאַפֿרײַען פֿון נאַציאָנאַלן דרוק,,, זשיט I, נ„י 1917.

4. דיאַפּאָזאָן פֿון אַ שטים, פֿון דער העכסטער בּיז דער נידעריקסטער נאָטע וואָס די שטים קען אַרויסבּרענגען. „לויט זײַן טעמבּער (קאָליר) און א, פֿון זײַן שטים וועט ער זיכער ווערן אַ גרויסער אָפּערע־זינגער“, הענעך קאָן, פֿאָר,

.X 19 1 14

או'מפֿאַ'נגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. כנאַרק ווב.
וואָס מע קען גיט פֿאַנגען.

אומסאַנגען — טרוו. [פֿאַנג אום, ~ג פֿאַנגען].
אַרכ. אַרומנעמען. „דא קם ער ולוקש הר בֿור
צו וארן אונ, מיט ביידן ארמן ווש ער אין אום
ואנגן„, בבא־בוך, 38.
אומפֿאַנגפֿול — אַדי. ← אומפֿאַנג, ב3. „דער
א'ער מאַטעריאַל פֿאַרן בוך“, היימיש, תשרי
תשכ“ג.
אומפֿאַנגרייך — אַדי. דטשמ. אַרומנעמיק;
-
גרויס. „אַרויסגעבן אַזאַ א, ווערק“, צינ I .
„אין זאַמלביכער, אָט וואו מע וועט באַווײַזן צו
דרוקן א'ע זאַכן“, ייִט, פּוילן .
אומפֿאַנטאַזירן — אוטוו. ־זיר אום, ~
פֿאַנטאַזירט. אַ לענגערע צײַט פֿאַנטאַזירן, חלומען,
טרוימען. א, ווען אַן ערגעצלאַנד.

-

אומסאַנטאַסטיש — אַדי. ניט־פֿאַנטאַסטיש.
גרוי, אָן פֿליגלען, א'. „קלינגט ווי אַ בבֿא־מעשׂה, אָבער עס איז א', ס'איז אַן עפּיזאָד פֿון מײַן נסיעה“. ־קייט.

אומסאַנירן — טרוו. ־ניר אום, ~(גע)פֿאַנירט.
פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן באַדעקן מיט פֿאַניר. א, אַלע ווענט.
אומפֿאָנעטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט די

פּרינציפּן (לויט דער לערע) פֿון פֿאָנעטיק. „ס'איז א, צו באַטראַכטן [טש] ווי אַ צווייקלאַנג„.
־קייט.

אומסאָנסען — אוטוו. ־פֿע אום, ~געפֿאָנפֿעט.
אַ לענגערע צײַט רעדן ניט־קלאָר, (ווי) אונטער דער נאָז. א, אַז מע זאָל ניט וויסן אויף קלאָר וואָס מע מיינט. א, און ווען זיך אַרויסדרייען מיט פּוילע תּירוצים ־עניש.

-

אומסאַס — דער. דטשמ. מאַרק וובֿ פֿאַרנעם,

.

אַרומנעם. "א, פֿון ייִדישן לעבן", בצג, טמז,

15 5 19 I.

אומפֿאַסאָ'ן

— דער, ־ען. שלעכטער פֿאַסאָן.

ניט ניצן דעם א'.

אומפֿאַסאָנירט — אַדי. 1. פֿאַר

אומפֿאַסאָנירן ←. 2. ניט־פֿאַסאָנירט. צושניידן אויף

אויסווייניק, אָן אַ מאָדעל און א'.

אומפֿאַסאָנירן — טרוו. ־ניר אום, ~

פֿאַסאָנירט. מאַכן מיט אַן אַנדער פֿאַסאָן.

איבערמאָדעלירן. א, אַ דאַמענהוט. ־ונג.

אומפֿאַסבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק וובֿ.

וואָס מע קען ניט אַרומנעמען אָדער תּופֿס זײַן.

אומסאַסן — טרוו. דטשמ. גאַליציע פֿאַס אום,

-

~געפֿאַסט. אַרומנעמען, כּולל זײַן אָדער תּופֿס זײַן. „דען עס קען דיר [דיך] קיין קערפּער א,“, שיר היחוד ליוס ראשון, ח״א, פֿפֿדמ 1885.

-

אומסאַסנר — אַדי. דײַטש. נר. אַרומנעמיק, ברייט, כּוללדיק. אויך: ־יק. דטשמ. נר. אַן א,(יקע) אָפּהאַנדלונג. „...אַ שיין־אַרויסגעגעבענע, לײַכט־געשריבענע, און א'ע פֿערטליאָר־שריפֿט“, בצג, טמז, 2 1964 I.

-

אומסאַקט — דער, ־ן. דאָס וואָס ווערט נאָר אַרויסגעשטעלט ווי אַ פֿאַקט (אָבער איז עס ניט). בויען עפּעס אויף א'ן.

אומסאַקטאָר — דער, ־ן. דאָס וואָס אין־דעראמתן העלפֿט ניט אין אַ באַשטימטן פּראָצעס. היץ איז אַן א, בײַ אָט דער כעמישער פֿאַרבינדונג. א, בײַם אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

או־מפּאַקטאָריאַ'ל — אַדי. וואָס דינט ניט ווי
אַ פֿאַקטאָר. פֿאַקטאָריאַלע און א'ע באַדינגונגען
בײַם עקספּערימענט.

אומסאַקטיש — אַדי. ניט־פֿאַקטיש, ניט־רעאַל;
וואָס איז ניט בפּועל ממש. א'ע באַווײַזן.
־קייט.

א־פֿאַר־ — די ווער ־ר וואָס מע

געט
פּינט ניט מיט אומסאַר... ← פּאַר +
-
דעס ערשטן אות פּון שטאַם.

-
אומסאַראומערט — אַדי. ניט־פֿאַראומערט.
א, פֿון די טרויעריקע ידיעות ־קייט.
.

אומסאַראומרייניקט — אַדי. ניט־
פֿאַראומרייניקט. א, פֿון אונטערוועלטישן אַרום.
אומפֿאַראיבלדיק
— אַדי. וואָס איז אָן אַ
פֿאַראיבל. אַן א'ער ענטפֿער אויף אַ
באַליידיקנדיקער פֿראַגע ־יקייט.
.

-

אומסאַראיבעריקט — אדי. וואָס איז ניט
אָפּגעשפּאָרט, ניט איבערגעלאָזן אויף אַן אַנדער
מאָל. א'ער פּראָוויאַנט.

אומפֿאַראייביקט — אָדי. ניט־פֿאַראייביקט.
דער העלדישער, אָבער ליַדער א'ער אויפֿשטאַנד.
־קייט.

-

אומפֿאַראָרעמט

אומפֿאַראיידלט — אַדי. ניט־פֿאַראיידלט. א'ע דאָרפֿסלײַט ־קייט — אַ רויקייט, אַן א'.

.

-

אומפֿאַראיינבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט צונויפֿנעמען אינאיינעם (אָן אַ סתּירה). ,,אין אַ קריטישער סיטואַציע, אין וועלכער זײַנע 'צוויי לאָיאַליטעטן, וועלן זיך מיטאַמאָל אַרויסווײַזן א'“, גרינ, ייִד און וועלט, נ“י 1953.

אומפֿאַראיינהייטלעכט — אַדי. ניט־פֿאַראיינהייטלעכט. א'ע שולסיסטעם.

-

אומסאַראייניקט — אַדי. ניט־פֿאַראייניקט. די א'ע פּראַקציעס פֿאַראייניקט אין דער אָפּאָ.
זיציע צו עפּעס, אָבער א, בנוגע דער פּראָגראַם. ־קייט.

-

אומסאַראייַנסאַכט — אַדי. וואָס מע האָט ניט געמאַכט פּשוטער. אַ שווערע א'ע פֿאָרמולירונג. ־קייט.

אומפֿאַראייַנפֿאַכלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט (לאָזט זיך ניט) פֿאַראייַנפֿאַכן. אַ קאָמפּליצירטע, א'ע פֿאָרמל. ־קייט.

אומסאַראינטערעסירט — אַדי. ניט־פֿאַראינטערעסירט. די זייַטיקע, די א'ע. זייַן א, אין פּאָליטיק. „די סיריער אַ מחנה קאָלירלאַזע,

----

נייטראַלע, א'ע, גלייַכגילטיקע געצנדינער„, טמז, 5 XII 1964. ־ערהייט — אַדוו. טאָן עפּעס א'. „די משפּחה מ. האָט אַרייַנגענומען א אַן

,

אומפֿאַרמעגלעכע יִידישע שנייַדערקע„, ע. רינגעלבלום, כּתבֿים פֿון געטאָ II. ־קייט — „מ'ווייסט וואָס פֿאַר אַ פּרצוף די דאָזיקע א, האָט געהאַט“, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור,

בּ"א 1949.

אומפֿאַראַלגעמיינערט — אַדי. ניט־
גענעראַליזירט. אָפּגעריסענע, א'ע אָבּסערווירונגען.
־קייט.

אומסאַראַנדערשט — אַדי. ניט געמאַכט
(געוואָרן) אַנדערש. א, און אומגעבּיטן. א'ע
לאַנדשאַפֿט. א'ער מנהג. א'ע בּאַציאונג.
או'מפֿאַראַ'נטוואָרטלעך — אַדי. דטשמ.
1. וואָס טראָגט (נעמט אויף זיך) ניט די אַחריות,
וואָס איז ניט־מחויבֿ. זײַן א, פֿאַר געוויסע
מעשׂים. א, פֿאַרן זונס חובֿות. 2. וואָס וויל
ניט אויספֿילן דעם חובֿ; אומאָרנטלעך,
אומפֿאַרלאָזלעך. אומגעטרײַ. א, בּנוגע אייגענע קינדער.
א'ער יונג. „וויא פֿר קערט אונ, וויא און
פֿראַנטוואָרטליך האבּן...געהאַנדלט...„, לבֿ בּנים על
אבֿותס, האַלע 1732. 3. הפֿקרדיק. א'ע רייד,
מעשׂים. ־קייט.

אומסאַראַנקערט — אַדי. 1. וואָס איז ניט
פֿאַרפֿעסטיקט אויף אַן אַנקער. א'ע בּאַרזשע,
שלעפּשיף אאַזוו. 2. ניט־פֿאַרפֿעסטיקט בּכלל;

ווייניק פֿאַרוואָרצלט. ניי־אָנגעקומענע, א'ע אין
דער סבֿיבֿה. ־קייט.

▯

אומסאַראַקערט — אַדי. 1. ניט־פֿאַראַקערט.
א'ע פֿעלדער. 2. ניט־באַארבעט ביזן סוף. אַן
א, געביט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

▯

אומסאַראָרדנט — אַדי. ניט־באַפֿוילן (פֿון
דער מאַכט, פֿון אַ העכערן). א'ע אַרבעט.

-

אומסאַראָרעמט — אַדי. וואָס איז ניט (
געמאַכט) געוואָרן אָרעם. די א'ע לאַנדבאַזיצערס.
־קייט.

▯

אומפֿאַרבאָטן

▯

אומסאַרבּאָטן — אַדי. ניט־פֿאַרוּוערט. „
זידאַליין־פֿאַרבּאָטענע ליבּע...איז אַ סך מער ווי
ליבּע דערגרייכטע, א'ענע„, בּ. ריווקין, ה.
לייוויק... ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „
פֿאַרבּאָטנקייט רייצט מער ווי א'„.

▯

אומסאַרבּאַנדאַזשירט — אַדי. ניט־
פֿאַרבּאַנדאַזשירט. א'ע וואונדן. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרבּאָרגלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרבּאָרגן, בּאַהאַלטן, האַלטן בּסוד.
די א'ע קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן. ־קייט.

▯

אומסאַרבּאָרנן — אַדי. וואָס איז ניט־
בּאַהאַלטן, ניט בּסוד. א'ענע מעלות, חסרונות.
א'ענע מעשׂים. „— טאַטע! — האָט כּורש
אויסגעשריִען מיט א'ענער פֿרייד„, א. גילנער, טמז,
22 XI 1963. „בּבֿא ולוקש איין גישריי טון ליש,
אויף אַלן פּלעצן גאַר און ור בּורגן„, בּבֿא־בּוך,

592. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאָרבאַרייט(עט) — אַדי. דטשמ. נר. אומצוגעגרייט.
אומפֿאַרבויגן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבויגן. אַן אַ, בלאַט. אַן א'ענער נאָגל. 2. וואָס מע האָט אויף דעם ניט מוותּר געווען. א'ענער שטאַנדפּונקט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרבויט — אַדי. ניט־פֿאַרבויט, ליידיק געבליבן. אַן א'ער פּלאַץ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרבונדן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבונדן. א'ענע פּעקלעך. א'ענע זאַצן. א'ענער טעלעפֿאָן. 2. וואָס איז ניט אין קאָנטאַקט. אַ, מיט אַ גרופּע, געזעלשאַפֿט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרביטן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרביטן. א'ענע פּאָר קאַלאָשן. 2. וואָס זײַן פּלאַץ איז ניט פֿאַר נומען פֿון עמעצן. א'ענער דעלעגאַט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרביטערט — אַדי. ניט־פֿאַרביטערט. וואָס טראָגט ניט קיין פֿאַרדראָס, כּעס. לײַדן

צרות און דאָך זײַן א'. ־קייט.

‎

אומסאַרבייגיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרבייגן. א'ע גרונטפּרינציפּן. ־יקייט.

אומפֿאַרבײַטלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט (איז אוממעגלעך צו) פֿאַרבײַטן. א'ער מענטש. „[די] מלוכה־ביבליאָטעקן און אירע אוצרות, וואָס זײַנען א, אויך פֿאַר אונדזער צײַט“, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. „די אורעלטסטע און א'ע סימנים פֿון האָבן קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט„, היימיש, אויג'־סעפּט, 1961. ־קייט.

אומפֿאַרביליקט — אַדי. ניט־געמאַכט ווערלוועלער, נידעריקער, ווייניקער חשובֿ. א'ע סחורה. א'ער לאָזונג. ־קייט.

אומפֿאַרבינדלעך — אַדי. וואָס לאָזט זיך (מע קען) ניט פֿאַרבינדן. א'ע פֿאַקטן, געשעענישן. ימ, נײַס, 1926. „אויסצולערנען אויף אויסווייניק...א'ע און אומלאָגישע זאַצן„, פֿגעז, ווילנע 19 ,1937 .No ־קייט — „מיט אַזאַ איזאָלירטקייט, א', צייכענען זיך אויס זכרונות פֿון פֿריאיקן יוגנט„, דאָרטן.

אומפֿאַרביסן — אַדי. 1. וואָס מע האָט
דערבײַ ניט צוגעביסן. אויסטרינקען אַ האַלב פֿלעשל

623

בראַנפֿן א'. 2. וואָס איז ניט בייז־פֿאַרעקשנט.
דער איינציקער א'ענער וואָס לאָזט זיך רעדן.
־ערהייט — אַדוו. א, האָט ער
אויסגעזשליאָקעט 3 פֿלעשער שנאַפּס ־קייט.
.

-

אומסאַרביק — אַדי. וואָס האָט ניט געַנוג
קאָליר. אַ גרוי, א, בילד. א'ע קאָסטיומען. א'ע
דערציילונג. ־יקייט.
אומפֿאַרבליאיק — אַדי. נעאַל. וואָס קען
(דאַרף) ניט פֿאַרבליִען. אַ פֿאַרכישופֿטע, א'ע
יוגנט. ־יקייט.
אומפֿאַרבליבן — אַדי. ניט־געבליבן. ,,די
א'ענע האָבן אַליין זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער
רעכט צו שטימען,,, רייד.
אומפֿארבלייביק — אַדי. נעאָל. וואָס קען

-- -

(דאַרף) ניט פֿאַרבלײַבן. א'ע פֿרייד. א'ער טרויער.
־יקייט.

אומפֿאַרבלענדט — אַדי. וואָס איז געבליבן
זעעוודיק (ניכטער), ניט געקוקט אויף אַן
אומשטאַנד וואַס וואָלט געקאָנט מאַכן בלינד (
באַגײַסטערן). א, פֿון לוקסוס. א, פֿון חניפֿה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרבלענדלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרבלענדן. ־קייט.

אומפֿאַרבן — טרוו פֿאַרב אום, ~געפֿאַרבט,

.

(~געפֿאָרבן). 1. אַ לענגערע צײַט פֿאַרבן.
זיך פֿאַרנעמען מיט א, קליידער. 2.
איבערפֿארבן. א אַ קלייד פֿון רויט אויף שוואַרץ.

,

-

,,באַוולנע קליידער ווערן זייער זעלטן
אומגעפֿאַרבט, ווײַל [עס איז] ניט ווערט דאָס געלט
וואָס דאָס איבערפֿאַרבן דאַרף קאָסטן", ש.
שפּירא, קליידער־פֿאַדבערײַ, וואַרשע 1900.

מיט ז י ך אויך: זיך איבעראָריענטירן, בײַטן
די אייגענע פּאָליטישע פֿאַרב. א, זיך פֿון אַ
ליבעראַל אויף אַ רעאַקציאָנער. סוב ־ונג.
־עכץ. ־עניש.
או'מפֿאַרבע'ט — אַדי. וואָס איז ניט
געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג (ווען אַ געלעגער).
„אַ בעטל איז דאָרטן געשטאַנען א'„ ב. דעמבלין,
צוויי און אַ דריטער. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרבעטן — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געבעטן צו קומען. א'ענער גאַסט. ־ערהייט
— אדוו. קומט א'.
אומפֿאַרבעסערט — אַדי. וואָט מע האָט
ניט געמאַכט בעסער; ניט־פֿאַרריכט. א'ע פֿעלערן.
א'ע באַציאונגען. א'ע שולסיסטעם. ־ערהייט
— אדוו. ־קייט.
אומפֿאַרבעסערלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט (איז אוממעגלעך צו) פֿאַרבעסערן. אַן א'ער
בייזער מענטש. א'ע סיטואַציע. „א'ע לומפּן„,
ווינטש I, נ„י 1920. „נאָך ערגער ווי א'ע
זינדיקע“, קאָר II. „דו ביסט א„ האָסט
אײַנרעדענישן“, ב. רעסלער, טמז, 9 1961 XII. “ווילדע
רייד פֿון א'ע שׂונאים„, היימיש, תּשרי תשכ„ג.
־קייט.
אומפֿאַרבראָנעוועט — אַדי. ניט־

פֿאַרבּראָנעוועט. ,,אַ ליימיק פֿעלד...לאָזט מען שטיין א,,,,
מ. וועבּער, דער יודישער פֿעלדאַרבּײַטער,
וואַרשע 1891.

אומפֿאַרבּראָקט — אדי. וואָס מע האָט ניט אַרײַנגעטאָן אין דעם קיין פֿאַרבּראָקעכץ. ריינע, א'ע זופּ. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרגוואַלדיקט

אומפֿאַרבּראַקירט — אַדי. ניט־פֿאַרבּראַקירט; וואָס מע האָט ניט אָפּגעזאָגט אָנצונעמען, ווײַל (כאָטש) עס האָט אַ דעפֿעקט. א'ע סחורה. א'ע פּריזיוניקעס. ־קייט.

אומסאַרבּרודיקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט שמוציק געמאַכט. שײַנענדיקע, א'ע פּנימלעך. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומסאַרבּרויכט — אַדי. אומפֿאַרניצט. א'ער אָנגרייט.

אומפֿאַרבּרויכלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט

פֿארנוצן. פֿאַרווענדן. א'ער בּרענשטאָף. „די
אי־
בּערגעבּליבּענע, א'ע קאַלאָריעס ווערן...
פֿעטשטאָפֿן“, דר, י. גלען פֿאָר, 11 1963 X ־קייט.
, .

אומסאַרבּרוינט — אדי. ניט געוואָרן (
געמאַכט) בּרוין. א'ע זעמל, פלייצעס ־ערהייט
.
— אַדוו. ־קייט.

אומסאַרבּרידערט — אַדי. ניט געמאַכט
נאָענט, אַזוי ווי בּרידער. „מע האָט גערופֿן איינער
דעם צווייטן 'בּרודער', אָבּער געבּליבּן איז מען
א',,, רייד. ־קייט.

-

אומסאַרבּריט — אַדי. ניט־פֿאַרבּריט (
געווײנלעך וועגן טיי). א'ער אָקרעפּ. ־ערהייט —

אַדוו.

אומפֿאַרבּרייטערט — אַדי. 1. וואָס איז ניט געמאַכט בּרייטער. א'ער אויסבּליק, א'ע השקפֿות. 2. וואָס איז געבּליבּן בּײַם פֿרִיִערדיקן בּאַשטאַנד. וואָס האָט נאָר די עיקר־טיילן. א'ער קרײַז בּאַקאָנטע. „פּשוטער א'ער זאַץ בּאַשטייט נאָר פֿון סובּיעקט און פּרעדיקאַט, אָן בּײַטיילן“, ימ, שול־גראַמאַטיק, l921. ־קייט.

אומפֿאַרבּרענבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←

אומפֿאַרבּרעניק. „אונדזערע שטעט קען זי [רוסלאַנד] ניט פֿאַרבּרענען. זיי זײַנען א', גײַסטיקע שטעט זײַנען זיי“, מר III, נ„י 1908. ־קייט.

▯

אומסאַרבּרענט — אַדי. ניט־פֿאַרבּרענט. דער א'ער האַלבּער מאַנוסקריפּט. גוט אויסגעבּאַקן, אָבּער א, געבּעקס. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַדבּרענ▯יק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרבּרענען. א'ע שטאָפֿן, מאַטעריאַלן ־(י)קייט.

.

-

אומסאַרגאַזט — אַדי. ניט־פֿאַרסמט דורד גאַז.
די געציילטע א'ע ייִדן. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרגאָלד(יק)ט — אַדי. ניט באַדעקט
מיט גאָלד. א, קייטל.
אומפֿאַרגאָלטן — אַדי. וואָס איז געבליבן אָן
פֿאַרגיטיקונג, אָן באַלוינונג פֿאַר עפּעס גוטס.
,,גאָט יתברך לאַסט קיין גוטש און פֿר גאָלטן",
צוכט. ,,וואָלט וועלן איך אויף אימער זײַן א'",
אמד, ספּורי מהגאון בעל תּוספֿות יום טובֿ,
ווילנע 1864.
אומפֿאַרגאַנצט — אַדי. ניט־פֿאַרענדיקט, ניט
געמאַכט גאַנץ. א'ע לערן־פּראָגראַם.
אומפֿאַרגאָסן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרגאָסן. א,
וואַסער. א'ענע טרערן. דער לינקער א'ענער
ברעג פֿון טײַך. 2. ניט־פֿאַרנעצט. א'ענע
טישטעכער.
אומפֿאַרגוואַלדיקט — אַדי. ניט־
פֿאַרגוואַלדיקט. זיך ווערן און בלײַבן א'. א'ער שטאַרקער
ווילן.

אומפֿאַרגיטיקט

אומפֿאַרגיטיקט — אַדי. ניט־קאָמפּענסירט

מיט געלט אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן פֿאַר אַן אָנווער פֿאַר פֿאַרשאַפֿטער רעה. א, פֿאַר גע,

ליטענע היזקות (באַליידיקונגען אאַזוו). ־קייט.

אומפֿאַרגיטיקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרגיטיקן. א'ע שאָדנס.

▯

אומסאַרגייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען (דאַרף) ניט פֿאַרגיין; וואָס פֿאַרגייט ניט. א'ער רום, שם. א'ע העלדישקייט. „מעשׂה־בראשית, דאָ שטייט דער טאָג א‘‘, י. מאַניק, אין טריט פֿון וואַנדער.

אומפֿאַרגיכערט — אַדי. ניט געמאַכט גיכער, האַסטיקער. אומפֿאַרשנעלערט. אַן א'ע באַוועגונג. פֿרגל ~פֿאַרלאַנגזאַמט. ־קייט.

אומפֿאַרגינונג — די, ־ען. קנאה. אַרויסווײַזן א, און שטעכעלירן דעם געווינער.

אומפֿאַרגינענדיק — אַדי. וואָס לעבט איבער דאָס געפֿיל פֿון ניט־פֿאַרגינען. א'ע חבֿרטעס.

אומפֿאַרגינער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַרגינט ניט. ‘‘איך פֿאַרגין דעם א, זײַן האַרצווייטיק„.

אומפֿאַרגינעריש — אַדי. וואָס איז אין דער
טבֿע פֿון אַ ניט־פֿאַרגינער. א'ע בליקן. א'ע
קריטיק. „ער איז געווען אייפֿערזיכטיק, קאַפּריזנע,
עגאָאיסטיש,...א, און לײַכטזיניק,„ ש. וויגאָדאַ,
פֿאָר, 1963 III ▯י 18. ▯קייט.
אומפֿאַרגיפֿטיקט — אַדי. ניט־פֿאַרגיפֿטיקט.
אומפֿאַרסמט. דער איינציקער א'ער בעכער ווײַן.
אומפֿאַרגלושעט — ← אומפֿאַרלושעט.
אומפֿאַרגליווערט — אַדי. ניט־פֿאַרגליווערט,
ניט־פֿאַרפֿרוירן. א'ע פֿישיויך.
אומפֿאַרגלײַך — אַדי. אַרכ. דזוו
אומפֿאַרגלײַכלעך. „דער פּרינץ ענטפֿריט, גינעדיגיר
קיניג אונ, אונפֿרגלייבי קיניגן...„, אליהו בר, ליזר
קוטניס, [איבז], תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט
2▯1.
אומפֿאַרגלײַך — דער, ־ן. דאָס וואָס איז ניט
קיין פֿאַרגלײַך. אומגעראָטענער פֿאַרגלײַך. דער
א, צווישן ייִדן און געצנדינערס.
אומפֿאַרגלײַכבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומפֿאַרגלײַכלעך. „אַן א, שאַרפֿערע און טיפֿערע
באַדײַטונג“, [נש, ישפּ 3(10)] ־קייט.
.
אומפֿאַרגלייכיק — אַדי. נעאָל. דזוו

אומפֿאַרגלײַכלעך. „די באַרימטע דרײַ ווערטער [פֿון]
יוליוס צעזאַר...פּאַסט זיך צו עדעלשטאַטן א'“,
א. י. זאַקוסקי, דוד עדעלשטאַט..., ב„א 1955.
אומפֿאַרגלײַכלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען
(טאָר) ניט פֿאַרגלײַכן מיט קיין שום אַנדער זאַך
(פֿון דער זעלביקער קאַטעגאָריע). אַן א, גראָטן
יאָר. א'ע שיינהייט. א, בעסער, שענער (ערגער,
מיאוסער). „דא טראד איין אונפֿרגלייבליה שייני
דאמי הרפֿור„, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק
.1718

2. קאָלאָסאַל, געוואַלדיק, וואונדערלעך,
איינאון־איינציק. „זײַן פֿעאיקייט אַלס פּאָלעמיקער
...
און אַלס גרויסער א'ער הומאָריסט און
סאַטיריקער„, מר, לעבנס־באַשרײַבונגען..., נ„י 1906.
„די וועלט האָט ניט פֿאַרלאָרן קיין וואָרט וועגן
דעם אויפֿפֿלאַקער פֿון דער א'ער גבֿורה...און

קידוש־השם [פֿון די העלדישע וואַרשעווער
געטאָקעמפֿערס]“, יג, טמז, 1956. א'ער אײַנדרוק פֿון
וואונדערלעכן שפּילן. „ער האָט אָנגעשריבן אַן
א, ווערק“, [נש, ישפּ, 3(10)]. ־קייט.

אומפֿאַרגעבלעך — אַדי. וואָס מע קען (טאָר, דאַרף) ניט מוחל זײַן. אַן א'ע זינד. א'ע טעותים, פֿאַרברעכנס. „מײַנע זינד זענען א,“, אַנאָנים, דער פֿאַרבאָטענער, וואַרשע 1882. „א, געמיין,,, מר , נ“י 1910. „באַציט זיך...מיט אַן א'ער גלײַכגילטיקייט“, [נש, ישפּ, 3(10)]. „ער האָט דאָ דערבליקט אַ 'פּלגש בגבֿעה', אַ גרויסן א'ן פֿארברעכן,,, א. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל אַ 1957.

”

-

פֿאַרגיבליך, נר. „אונפֿרגיבליכי

אויך: ~

זינד“, אליהו בך, ליזר קוטנים איבז, תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692. ־קייט — „אַלץ האָט איצט אַראָפּגעקוקט פֿון איר געזיכט: זײַן שטאַרקייט, זײַן א“, ש. איזבאַן, איבז, טמז, 3 19 III י 21.

אומפֿאַרגעבן — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט מוחל געווען. א'ענע עוולות און פֿאַרדראָסן.

2. וואָס מע האָט ניט אָנגעזאָגט, ניט פֿאַראָרדנט צו טאָן. א'ענע היימאַרבעטן. ־ערהייט —

אַדוו ־קייט, בּ1.

.

אומפֿאָרגעזען — ← אומפֿאָרויסגעזען.

אומפֿאַרגעזעצלעכט — אַדי. וואָס איז ניט בּאַשטעטיקט (סאַנקציאָנירט) געוואָרן אויף אַ געזעצלעכן אופֿן. א'ע אינטימע בּאַציאונגען צווישן ווײַסע און שוואַרצע.

אומפֿאַרגעטערט — אַדי. ניט־פֿאַרגעטערט. א'ע נאַטור־כּוחות.

או'מפֿאַרגע'לט — אַדי. וואָס איז ניט (געמאַכט) געוואָרן געל. א'ע בּלעטער.

אומפֿאַרגעלטיקט — אַדי. אומבּאַלוינט; געבּליבּן אָן (געלט־)קאָמפּענסאַציע. פֿרגל ~ פֿאַרגיטיקט. א'ער שאַדן.

אומפֿאַרגענגלעך — אַדי. בּלײַבּיק אויף שטענדיק. וואָס קען ניט פֿאַרגיין. וואָס מע קען ניט פֿאַרגעסן. א'ער אמת. ,,און, דאַרום האָט אונשׂ המקום בּ״ה אַך בּרובֿ חסדיו אין דיזין עולם בּישאַפֿין דער ניקשׂ און פֿאַר גענקליך איזט,,, גה, 2. ,,נצחונות און מפּלות... האָבּן איבּערגעלאָזן זייערע טיפֿסטע און א'ע שפּורן אין דער צײַט־כראָניק“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ,,גראָבּט אַרײַן אין דער טויטער מאַטעריע דאָס א'ע לעבּן,,, קאָר I. א,

ווי הימל און ערד. ־קייט.

--

אומסאַרגעסבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומפֿאַרגעסלעך. „א'ע קינדערשע דעראינערונגען“,
טמז,)1 19 X.

אומפֿאַרגעסיק — אַדי. 1. וואָס פֿאַרגעסט
ניט. „ווען הש“י גיבט דײַן קנעכט איין רײנין
שפּראַך אונ איין אום פֿר געסיג האַרץ“, איבּז,
בּן המלך והנזיר, זשאָלקעוו 1771. 2. דזוו
אומפֿאַרגעסלעך ־יקייט.

אומפֿאַרגעסלעך — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף,
טאָר) ניט פֿאַרגעסן. א'ער אײַנדרוק. „עפֿן אויף
געשווינד דײַן טויער, א, פֿאָטערלאַנ אַקערן
וויל איך, זײַן דײַן בּויער, שוין גענוג מיר זײַן
צו שאַנד„, צ. ה. האַרנשטיין, כּנור הצבֿי,
בּאַרדיטשעוו תּרנ“א. „דאָס הייליקסטע, דאָס א'סטע

אומפֿאַרדײַאונג

אונטער דער זון איז מאַרטירערטום,,, מך III, נ,,י 1908. —קייט.

▯

אומסאַרגעסן — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿאַרגעסן. א'ענע העלדן. א'ענע פּרטים. ,,ס'האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אַ טויבע אומצערשטערטע און א'ענע לעגענדע", ח"י ב־ר איבז, סקיטאַלעץ, פֿעלד געריכט, וואַרשע 1907 ־קייט.
—
.

-

אומסאַרגראָבן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרגראָבן. א'ענע אוצרות. 2. ניט־פֿאַרבאַהאַלטן. א'ענע סודות.

▯

אומסאַרגרייזט — אַדי. וואָס האָט זיך

באַקומען (בײַם איבערגעבן בעל־פּה אָדער אין שריפֿט, דרוק) אָן אַ גרײַז. א'ע קאָפּיע.

□

אומסאַרגרייט — אַדי. ניט־פֿאַרגרייט; ניטאָנגעגרייט. א, מיט שפּײַז. א, מיט קאַרטאָפֿל אויפֿן ווינטער. בלײַבן א, אויף דער עלטער.

□ קייט.

□

אומסאַרגרימירט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרגרימירט. אַן א, פּנים. 2. אמתדיק, עכט, וואָס אָן באַפּוצונג, אָן גוזמא. א'ער באַריכט, אמת.

־ערהייט — אַדוו ־קייט.

—

.

אומפֿאַרגרינגערט — אַדי. ניט גרינגער געמאַכט. אומפֿאַרלײַכטערט. א'ע ווייטיקן. א'ע לאַסטן. ־ערהייט — אַדוו.

□

אומסאַרגרעבט — אַדי. ניט־פֿאַרגרעבט. דער איינציקער א'ער אַרעסטאַנט ־קייט.

-
.
אומסאַרגרעסערט — אַדי. ניט גרעסער
געמאַכט. די א'ע פּאָרציע. א'ע אונטערנעמונג. א'ע
שטראָף ־ע
.
לעך
— אַדי. נעאָל. וואָס
רהייט — אַדוו ־קייט.
—
.
אומסאַרגרעסער
מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרגרעסערן. אַן א'ער
בּודזשעט. ־קייט.
-
אומסאַרדאגהט — [...דײַגעט] אַדי.
אומפֿאַרזאָרגט. וואָס איז אָן דאגה (דאגות). לוסטיקע,
א'ע פּאַרשוינען. ־קייט.
-
אומסאַרדאַכטיק — אַדי. פּ—
פֿאַרדעכ ,.
טיק. וואָס איז אָן אַ חשד. א'ע פּאַרשוינען.
א'ער צוטרוי. ־יקייט.
אומפֿאַרדאַכטלעך
— אַדי. נעאָל. וואָס מע
ן ניט שטעלן אונטער אַ חשד. א'ע ערלעכקייט.

- ייִט.
ע

אומפֿאַרדאַרבלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט פֿאַרדאַרבן; קען ניט פֿאַרדאָרבן ווערן. א'ע פּראָדוקטן. ־קייט.
-

אומסאַרדאָרבן — אַדי. 1. וואָס איז ניט פֿאַרדאָרבן; וואָס איז ניט קאַליע געוואָרן. א'ענער וואַגאָן פֿלייש. 2. ניט־איבערגעפֿירט (פֿון סבֿיבֿה פֿון שלעכטע השפּעות). א'ענע יוגנט.

־קייט.

-

אומסאַרדאַרבעוודיק — אַדי. 1. וואָס האָט ניט די טבֿע פֿאַרדאָרבן צו ווערן. א'ע שפּײַזן, פּראָדוקטן. 2. דזוו אומפֿאַרדאַרבלעך. ־יקייט.
-

אומסאַרדאַרט — אַדי. אומפֿאַרטריקנט. עטלעכע א'ע צווײַגן. ־קייט.

אומסאַרדונגען — אַדי. ניט־פֿאַרדונגען. די
איינציקע א'ע דירה. ־ערהייט — אַדוו.

אומסאַרדײַאונג — די, ־ען. שלעכטע
פֿאַרדײַאונג. לײַדן אויף אַן א, פֿון פֿעטס אע. „גאָר
שנעל רעאַגירט אויף דער...־באַהאַנדלונג מיט אַ
שווערער א',,, טאָז, שדיפֿטן, וואַרשע 1929.

-
אומפ[אַרדײַבאַר

אומסאַרדײַבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומפֿאַרדײַלעך. „ס'איז אַן אומרעכט צו האָדעווען
יונגע קינדער מיט אַן אומפֿאַרדײַבאַרער שפּראַך,,,
הרבֿ העפּטערמאַן פֿאָר, 22 1964 III.

,

אומסאַרדײַט — אַדי. אויך: ~פאַרדײַעט,
נר. 1. ניט־פֿאַרדײַט. א'ע שפּײַז. „אַ היפּשער
טייל פֿון [די מאכלים] בלײַבט אין...די קישקעס
אומפֿאַרדײַעט, ניט איבערגעאַרבעט ווי עס
געהער צו זײַן„, ייִל, איבז, דר, א. א. יאַסינאָווסקי,
אויס פֿלייש און פֿליישיקסI, אַדעס 1909.
2. ניט־פֿאַראייגנט, ניט־אָנגענומען. א'ע
געדאַנקען, אמתן. „האָבן די שרײַבערס זיך אַ לאָז
געטאָן צום לײַכטן וועג פֿון א'ע סלאַוויזמען“,
לע, טמז, 6 1964 III. ־קייט.
אומפֿאַרדײַלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
פֿאַרדײַען. א'ע מאכלים. “אין מאָגן גופֿא איז עס
אָבער א', די פֿאַרדײַאונג קומט פֿאָר ערשט אין
די געדערים“, פֿגעז, ווילנע 7 1938, No־8.
־קייט — „בײַ א, פֿילט מען ניט אַלעמאָל אַ
ניט־גוטקייט“, דאָרטן, 11 1937, No.

אומסאַרדײַעוודיק — אַדי. דזוו
אומפֿאַרדײַלעך. ־יקייט — „מיט אַ לײַכטער,

שנעלפֿאַרגייענדיקער א, אין די געדערים" פֿגעז,

,

ווילנע l936, No l0.

אומפֿאַרדינט — אַדי. 1. וואָס איז אָן

באַרעכטיקונג. ,,צדקה־געלט...וויל קיינער ניט...געניסן

א',,, קמ, 30 1868, No. ,,ראַטעווען פֿון אַן

אומגליק בחינם, בלא דבֿר (דאָס אומגליק איז א,)",

נפּ, ייִפֿאַ, 3. ,,[ע] טרײַבט אַ סך א'ע איראָניע

אויפֿן חשבון פֿון זײַנע העלדן", יג, תּוך.

2. וואָס איז אָן שולד. א, אַרײַנכאַפּן פּעטש, אַ

פּאָרציע מוסר. ־ערהייט — אַדוו. ,,פֿון זיי

האָט [ער] זײַן...יחוס געצויגן — אומבאַרעכטיקט

און א'", ח. שאָשקעס, טמז, 22 1961 X.

־קייט.

אומסאַרדינסט — דאָס, ־ן. היפּוך פֿון

פֿאַרדינסט. ,,אַנדערע פֿאַרדינסטן אָדער א'ן וועט מען

לייגן אויף דער וואָגשאָל", לל, איק, 22 1963 III.

אומפֿאַרדינסטפֿול — אַדי. מאַרק ווב. וואָס

האָט ניט קיין (סך) פֿאַרדינסט(ן), אויפֿטוען.

שרײַאיקער א'ער קאָכלעפֿל.

אומפֿאַרדעכטיק — אַדי. דזוו

אומפֿאַרדאַכטיק. ־יקייט.

אומסאַרדעכטיקט — אַדי. וואָס מע האָט
אויף (וועגן) דעם קיין חשד ניט געהאַט. גראָד
דער א'ער איז געווען דער שולדיקער. ,,
אויפֿגעדעקט 33 א'ע קענסער־פֿאַלן“, טמז,
.XI 19 4 11
אומפֿאַרדעכטלעך — ← אומפֿאַרדאַכטלעך.
אומפֿאַרדעקט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרדעקט; אָפֿן.
א'ער טאָפּ. א'ע צעלאַזנקייט. 2. ניט־
פֿאַרמאַסקירט. א'ער סקאַנדאַל. ,,א, און אומפֿאַרשעמט
ווערט געבראָכן אַ שול“, ימ, נײַע וועגן, ריגע
1927. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרדראָסן — אַדי. וואָס דערוועקט ניט
קיין פֿאַרדראָס. גלײַכגילטיק, וואָס איז אָן
איבערקלער. ,,פּעלוקן שוש אויף אין גר און ור
דרושן, ביז ער זײַן פּפּײַל הט אַל ור שושן,,,
בבֿא־בוך, 370. ,,גאָר א, וואָלט נאָר ניט געווען
אַן אַלטע מאָדע...דער טרונק,,, ארז, קמ, 1866,
.No 3 ־קייט.

▯

אומסאַרדרייט — אַדי. ניט־פֿאַרדרייט. „עס רינט פֿון א'ן קראַן“, רייד ־ערהייט — אַדוו.

.

אומפֿאַרדריס▯יק, ־לעך — אַדי. וואָס רופֿט ניט אַרויס קיין פֿאַרדראָס. „אַלי און ניטיגי זאַכין גיא מיסיג, זאָ ביסטו דען לײַטן און פֿר דריסיג“, צוכט.

-

אומסאַרהאַוועט — אַדי. וואָס איז פֿרײַ פֿון האַוועניש, אַרבעט, דאגות־פּרנסה. לעבט זיך אַ רואיק, א, לעבן. ־קייט.

אומפֿאַרהאַלטן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרהאַלטן. א'ענער שטראָם וואַסער. 2. ניט־אָפּגעשטעלט, ניט־גענדמען אונטער אַ וואַך (אַרעסטירט). די א'ענע זײַנען אַריבער די גרענעץ. א'ענער כּעס. 3. וואָס מע האָט ניט געלייגט אין אַ זײַט, ניט

אָפּגעלייגט. א'ענע נײַס. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרהאַנגען — אַדי. פּ־
פֿאַרהאָנ : .,
געָן. ניט־פֿאַרהאַנגען. א'ע פֿענצטער. ־
ערהייט — אַדוו. לאָזן די פֿענצטער א,.
אומפֿאַרהאַנדלט — אַדי. 1. וואָס מע האָט
וועגן דעם נאָך ניט געפֿירט קיין
אונטערהאַנדלונגען. די א'ע פּונקטן פֿון אָפּמאַך. 2. נאָך
ניטפֿאַרקויפֿט. די א'ע סחורה. א'ער ראַמש.
אומפֿאַרהאָפֿט — אַדי. 1. וואָס עס איז אויף
דעם קיין האָפֿענונג ניט געווען. א'ע גוטע
בשׂורה. א'ע ישועה. „און אַז דאָס גליק קומט
אים א', האָט ער קיין קרעפֿטן עס צו נעמען",
יהל, די ערשטע ליבע, וואַרשע 1881. „א, גליק",
זש, ווײַטער. 2. אומגעריכט, פּלוצעמדיק. א'ער
גאַסט. „איז זי א, צו אַ קליינע שטיבעלע
צוגעגאַנגען", ה. האָפֿמאַן, דער פֿאַלשער פֿעטער,
ווילנע 1880. „פּלוצלינג און א, איז עס געשען,,,
מ. זשיד פֿאָר, 7 XII 1947. „קען קומען א',

אַפֿילו אין אַ וואָך אַרום", טמז, 3 XI 1961.
־ערהייט — אַדוו. אָנקומען א'. „האָט א,
געהאַט אַזאַ גרויסן דערפֿאָלג", ר. שושנה,...

פֿאַר, 13 ▯ 1963 II ־קייט.

.

אומפֿאַרהאַקט — אַדי. ניט־פֿאַרהאַקט. א'ע קאַסטנס. לאָזן אַ טיר מיט אַ שפּעלטעלע, א'.
־ערהייט — אַדוו. —קייט.

אומפֿאַרהאַרטעוועט — אַדי. 1. ניט געמאַכט האַרט(ער). א'ער שטאָל. 2. ניט געוואָרן ווייניקער שפּירעוודיק (בײַ שווערע איבערלעבונגען אָדער מחמת פֿעלן פֿון אַזעלכע איבערלעבונגען). די יונגע א'ע זעלנערס. א, פֿון גויט.
—ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרהאָרעוועט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרמאַטערט. אויסזען א, אַפֿילו נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. 2. וואָס איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון האָרעוואַניע. א'ע פֿאַרדינסטן. ״זאָל זוכה זײַן צו אָט דעם א'ן גליק,,, א. ליפּינער, איק, פּסח תּשכ״ד. ▯קייט.

אומפֿאַרהוילן — אַדי. ניט־באַהאַלטן, ניטבסודותדיק. א'ענע דיפּלאָמאַטיע. ״זיא רידטן פֿון אים אופֿנליך אונ, אונפֿרהולן״, יוסיפֿון, אַמשט 1661. ,,דז זאָג איך, און פֿר הולין איך מיין ניט גנץ פולן״, אַשכּנז. ,,שרײַבט מיט א'ענער פֿרייד,,, ש. ביקל, רומעניע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרוואונדעט

אומפֿארהונגערט — אַדי. ניט אָפּגעשוואַכט

-

-

פֿון הונגער(ן). א'ע פֿאַרטיידיקערס פֿון דער
באַלאַגערטער שטאָט.
אומפֿאַרהיילט — אַדי. ניט־אויס(גע)קורירט.
א'ע וואונדן. א'ער ווייטיק. „דאָס האָט אויך
אויפֿגעפֿרישט אַ טיפֿע א'ע וואונד„„ ש. ל.
שנײַדערמאַן, טמז, 2 1964 I. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרהייליקט — אַדי. ניט אויפֿגענומען
(ניט פּראָקלאַמירט) ווי אַ הייליקייט. א'ע
מאַרטירערס. ־קייט.

אומסאַרהיימישט — אַדי. וואָס איז ניט
געמאַכט (געוואָרן) היימיש. א'ער קוואַרטיראַנט.

פֿרגל ~פֿארשטוביקט ־קייט.

אומפֿאַדהייראַט — אַדי. דטשמ. נר. [אָפּט אין ליטרש]. ניט־חתונה־געהאַט פֿאַרבלייַבן א, ביזן גרויען צאָפּ אַרײַן. „דאַכט זיך מיט [אַזאַ] געהאַלט קען אַן א'ער מענטש גאַנץ לײַכט עקסיסטירן„„ ליב לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. „אַ פֿערטל פֿון דער דערוואַקסענער באַפֿעלקערונג בלייַבט א'״, 'טאָז, שריפֿסן, וואַרשע 1929.

אומפֿאַדהילט — אַדי. ניט־פֿאַרדעקט, יטפֿאַרשלייערט. א'ע בילדער. א'ער קאָנפֿליקט.

אומפֿאַרהילכט — אַדי. וואָס איז געבליבן קלאָר און הילכיק (כאָטש מע האָט געשטערט). א'ע אויסרופֿן פֿון פֿרייד, פּראָטעסט אאַזוו.

אומסאַרהיפּנאָטיזירט — אַדי. ניט־פֿאַרהיפּנאָטיזירט. א'ער חולה.

אומפֿאַרהיפּנאָטיזירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרהיפּנאָטיזירן. א'ער

סוביעקט. —קייט.

אומפֿאַרהלושעט — ← אומפֿאַרלושעט.

אומפֿאַרהעלטעניש— דאָס (די), ־ן. שלעכט, ניט־פּאַסיק פֿאַרהעלטעניש. „געהערט אַז זיי האָבן איצט אַ פֿאַרהעלטעניש? — יאָ, אַן א'„, רייד.

אומפֿאַרהעלטענישמעסיק — אַדי.

אומפראָפּאָרציאָנעל. וואָס איז ניט אין אַ ריכטיקער שײַכות צו (מיט) עפּעס. א, שטרענגע שטראָף. א'ע באַלוינונג.

אומפֿאַרהעקלט — אַדי. ניט־פֿאַרשפּיליעט מיט אָ העקל. „גייט ניט אַרויס מיט אַן א'ער בלוזקע“, רייד.

אומפֿאַרהערט — אַדי. 1. ניט־אויסגעפֿרעגט; ניט־עקזאַמענירט. די א'ע חדר־ייִנגלעך. 2. ניטפֿאַרהערט (בײַם אָנגעשטרענגטן צוהערן זיך). פֿון דעם איינציקן א'ן זאַץ ווערט קלאָר“.

”
־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרהערלעכט — אַדי. ניט־גלאָריפֿיצירט, ניט־הויכגעאַכט. א'ע מעשׂים פֿון גרויסע העלדן.
־קייט.

אומפֿאַרוואונדיקט — אַדי. נעאָל. דזוו אומפֿאַרוואונדעט.

אומפֿאַרוואונדלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרוואונדן. דער א'ער אַכילעס. ־קייט.
אומפֿאַרוואונדעט — אַדי. דטשמ [אָפּט אין
ליטרש]. געבליבן, אַרויס אָן אַ וואונד. קומען
אַהיים א'.

אומפֿאַרוואונדערט

אומפֿאַרוואתדערט — אַדי. אומפֿאַרחידושט,
ניט־איבערראַשט; ניט־דורכגעדרונגען מיט
געפֿיל פֿון וואונדערלעכקייט. א, פֿון דער
העלדישקייט, שיינקייט אאַזוו. ־קייט.
אומפֿאָרוואורפֿבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק
ווב. וואָס מע קען קעגן דעם גאָרניט
אויפֿווארפֿן פֿירהאַלטן. א'ער ריטער. ←
אומפֿיר— ,
וואַרפֿיק.
אומפֿאַרוואָכעדיקט — אַדי. נעאָל.
ניטגעמאַכט וואָכעדיק, טאָגטעגלעך. א'ער גײַסטיקער
פֿאַרמעסט.
אומפֿאַרוואָלקנט — אַדי. 1. ניט פֿאַרדעקט
מיט וואָלקנס. קלאָרע, א'ע הימלען. 2. מעט.
אומפֿאַרזאָרגט; אומפֿאַרטרויערט. א'ע פּנימער.
,,האָט אַנטפֿאַנגען אַ נײַ גליקלעך א, לעבן,,,

יעקבֿ ראַווינסקי, דער פֿאַלשער שולד־בריעף, וואַרשע 1885. ־קייט.

אומפֿאַרוואַנדלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומפֿאַרוואַנדלעך. „א'ער טרויער אויף דער שפּירונג פֿון דעם טויטס דערנענטערונג„„ בּ. ריווקין, ה. לייוויק...

אומפֿאַרוואַנדלט — אַדי. אומטראַנספֿאָרמירט. א'ע רעשטן בײַ אַ קאָמפּליצירסן כעמישן פּראָצעס.

אומפֿאַדוואַנדלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט פֿאַרוואַנדלען (טראַנספֿאָרמירן) אין עפּעס אַן אַנדער זאַך. א, אַפֿילו דורך כּישוף. א'ע כעמישע פֿאַרבינדונג ־קייט.

.

אומפֿאַרוואַסערט — אַדי. 1. וואָס איז ניט געמאַכט שיטערער, וויניקער עכט דורו צוגיסן וואַסער (סתּם אַ פֿליסיקייט). א'ער אַלקאָהאָל. 2. געבליבן עכט, הונדערטפּראָצענטיק, שטאַרק, שטרענג. א'ע רעזאָלוציע. א'ע פּאָרציע מוסר. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרוואַקסן— אַדי. פּפֿ: ~פּאַרוואָקסן. וואָס אויף דעם איז ניט אויסגעוואַקסן. פֿרײַער,

א'ענער שטח אין מיטן וואַלד. ־קייט.

אומפֿאַרוואָרן — אַדי. אַרכ. ־(un) M
arn ־ver. דערוויַטערט; וואָס האָט ניט קיין מגע־משׂא מיט עמעצו. ,,זיַיא און פֿר וואַרין מיט דעם דער היימליכקייט אָפֿיו בּאַרס,, [,גולה סוד ...לא תּתערבֿ', משלי, כ, 19], משלי בּלשון אָשכּנז פֿפּדמ 1713. ,,מיט דעם שׂר של חלום

,

זאָלשׂטו זיַין אום פֿר וואַרין,,; ,,זיַיא און פֿר וואַרן מיט רשעים אונ, נאַרן,,; ,,מיט נרין וויַיבּר...קינדר זאָל מן אַן פֿר וואַרין זיַין,,,
ט.

אומפֿאַרוואָרצלט — אַדי. ניט־פֿאַרוואָרצלט; ניט־איַינגעפֿונדעוועט. ניט־פֿאַרפֿעסטיקט. די א'ע אין דעם ניַיעם לאַנד, אין דער ניַיער סבֿיבֿה. ־קייט — ,,אַן אייבּיקע מורא פֿאַר דער אומזיכערקייט און דער א, פֿון דעם זיַין,,, קאָר I.
אומפֿאַרוואָרצלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרוואָרצלען. א'ע גוטע מידה. ־קייט.

-

אומסאַרוואַשן — אַדי. וואָס איז ניט
גערוואָרן אומקאָנטיק דורך וואַשן. א'ענע פֿלעקן.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿארוויאנעט — אַדי. פּ־
פֿאַרוויאַ־ ־ ~ :
לעט. אומפֿאַרוועלקט. א'ע בלעטער. ־קייט.

626

אומפֿאַרוויגט — אַדי. ניט־פֿאַרשלעפֿערט
(איינגעשטילט) דורך וויגן. א, קינד. איינשלאָפֿן
א'. מעט. א, פֿון שיינע ריידעלעך, מעשׂיות.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרווײַלט — אַדי. אומפֿאַראינטערעסירט
און אָן פֿאַרגעניגן בײַם זײַן אין אַ געזעלשאַפֿט.
„עס נודען זיך די א'ע געסט".
אומפֿארווייסט — אַדי. 1. ניט געמאַכט
--
ווײַס(ער). א'ער באָרשט(ש). 2. מעט.
אומבאַפּוצט. ניט געמאַכט מילדער, גרינגער
אָנצונעמען. א'ער באַריכט. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומסאַרוויסט — אַדי. ניט געמאַכט וויסט.
נאָר איין א'ע געגנט.
אומפֿאַרוויקלט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרדעקט
(מיט בייגיקן שטאָף) פֿון אַלע זײַטן. א'ע מתּנה,
אינסטרומענטן אאַזוו. 2. ניט־פֿאַרמישט.
ניטפֿארפּלאָנטערט. א, אין אַ סכסוך ־ערהייט
-
.
— אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַדווירקלעכבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
← אומרעאַליזירלעך.
אומפֿאַרווירקלעכט — אַדי. וואָס איז ניט
רעאַליזירט (דורכגעפֿירט, דערגרייכט) געוואָרן.
א'ע פּלענער.

-

אומסאַרווישט — אַדי. וואָס איז ניט געוואָרן
אומקאָנטיק דורך ווישן (מעקן, פֿאַרהוילן). „אַן
אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן וואָס האָט ביז הײַנט
צו טאָג איבערגעלאָזט א'ע שפּורן“, ש. ל.
שנײַדעךמאַן, טמז, 23 XII 1962.
אומפֿאַרווישלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט פֿאַרווישן, אָפּמעקן, מאַכן אומקאָנטיק. א'ע
סימנים. א'ע זכרונות. ־קייט.

אומפֿאַרוועלטלעכט — אַדי. וואָס איז ניט (געמאַכט) געוואָרן וועלטלעך, פֿרײַ פֿון פֿולער רעליגיעזער באַשטימטקייט. א'ער לעבנשטייגער.

אומפֿאַרוועלקבאַר — אָדי. דטשמ. נר. ← אומפֿאַרוועלקלעך.

אומפֿאַרוועלקט — אַדי. וואָס איז געבליבן נאָך גענוג פֿריש. א'ע בלומען. א'ע יוגנט. א'ע העראָאישע אויפֿטוען. „זייערע גריבער זײַנען באַדעקט מיט א'ע בלומען„, ד. עדעלשטאַט, שריפֿטן, לאָנדאָן 1909. „אין א'ער טרײַהייט„, י. באָוושאָווער, געקליבענע לידער ־ערהייט

.

— אַדוו. אויפֿהיטן א, ־קייט.

.

אומפֿאַרוועלקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס קען ניט פֿאַרוועלקן פֿאַרוועלקט ווערן. א'ע בלומען.

,

א'ע יוגנט.

-

אומסאַרווענדט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט פֿאַרניצט, אויסגעניצט. א'ע שטאָפֿן. 2. (אײַנבינדערײַ) ניט־פֿאַרדרייט די בויגנס.

אומפֿאַרווענדלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
פֿאַרווענדן. א'ע מאַטעריאַלן. א'ע, קלאָר
באַצייכנטע דרוקבויגנס. ־קייט.

-

אומסאַרווערט — אַדי. אומפֿאַרבאָטן. א'ע
ביכער. א'ע הנאה. „גוטש גינאד איז...אום פֿר
ווערט“, צוכט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרווערלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט פֿאַרווערן. א'ע פֿרײַהייט פֿון וואָרט.
א'ע אויסדרוקן פֿון שטאַרקע געפֿילן. ־קייט.

-

אומפֿאַרזונען

אומסאָרויסגייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס גייט
ניט (קען ניט גיין) פֿאָרויס, פּראָגרעסירט ניט.

א'ע מאַסע. ־יקייט.

אומסאָרויסגעזאָגט — אַדי. ניט־
אַרויסגעבראַכט ווי אַ פּראָגנאָז אָדער ווי אַ זעאונג, אַ
וואָרנונג, אַ האָפֿענונג בנוגע דער קומעדיקייט.
א'ע קאַטאַסטראָפֿע. א'ע גליקן ־קייט.
.

אומסאָרויסגעזעען — אַדי. וואָס מע האָט
ניט געקענט וויסן (זען) אַז עס וועט זײַן אָדער
געשען. אַן א'ע פּאַסירונג, סיטואַציע. א'ער
נצחון. „קעגן די פּלענער פֿון שׂונא האָט זיך
געשטעלט אַן א'ע קראַפֿט„, פֿגעז, פּאַריז 1950,
No 10. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאָרויסגעפֿילט — אַדי. וואָס מע האָט
וועגן דעם ניט געהאַט קיין פֿאָרגעפֿיל, ניט
געפֿילט אַז עס וועט געשען, קומען. א'ע אומגליקן.
א'ע קאַטאַסטראָפֿע ־קייט.
.

-

אומסאָרויסזעאיק — אַדי. נעאָל. וואָס זעט
ניט (קען ניט זען) אויף פֿאָרויס; וואָס ווייסט ניט
(קען ניט וויסן) וואָס עס וועט זײַן אָדער געשען.
א'ע מלוכה־לײַט, פּירערס. ־יקייט.
אומפֿאַרזאָגט — אַדי. 1. דזוו אומפֿאַרווערט.
2. ניס־באַפֿוילן. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרזאַלצן — אַדי. וואָס איז צוגעגרייט
אָן איבעריקער זאַלץ. אַן א, שטיקל פֿלייש.
אומפֿאַרזאַמט — אַדי. פּפּ: ־זוימט. 1.
ניטפֿאַרשפּעטיקט; באַצײַטנ(ס)דיק. א'ער אָנקום. א'ע
ישועה. 2. תּיכּפֿדיק, באַלדיק. דער ענטפֿער
קומט א', תּוך כּדי דיבּור. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרזאָרגט — אַדי. 1. ניט־געדריקט פֿון
זאָרג(ן). א, לעבן אַ גוטן טאָג און ניט טראַכטן
וועגן מאָרגן. 2. ניט־באַוואָרנט מיט מיטלען צו
לעבן. איבערלאָזן אַן א'ע משפּחה. „אויב ער
פֿאַרלירט די שטעלע — ווערן עטלעכע מענטשן
ברויטלאָז, א'„ טמז, 3 .15 IX 1963.
ניטאײַנגעאָרדנט. „אַ סך מיידלעך בלײַבן א', גראַדע
אין די מיטעלע און העכערע שטאַנדן„, בּ.
פֿײַגענבּויס איבּז, בעבעל, די פֿרוי און דער

סאָציאַליזם, נ,,י 1911. ־ערהייט — אַדוו, בבֿ 2 3.
־קייט — ,,א', זעלבֿסטצופֿרידנקייט און

פֿאַסיווקייט“, מ. אַוור, אויפֿן שוועל, No 147.
אומפֿאַרזאָרגלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרזאָרגן, באַוואָרענען. דער א'ער
וויַטער מאָרגן. ־קייט.
אומפֿאַרזוימט — אַדי. דזוו אומפֿאַרזאַמט ←.

,,זיך צו שמוקן און צו צירן, דאָס מען...[זאָ] א,
אינעם טרקלין־שלאָס...קומען“, ר, הילל

ליכטנשטיין, עת לעות II, סאַטמאַר תּרל,,ב.
אומפֿאַרזויערט — אַדי. 1. ניט געמאַכט
איבעריק זויער. אַן א'ע ראָשטשינע. 2. מעט.
ניט־פֿאַרטרויערט. ניט־פֿאַרקרימט. אַן א, געמיט.
־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומסאַרזוכט — אַדי. וואָס מע האָט ניט טועם
געווען. א'ע שפּיַזן. ־ערהייט — אַדוו. א,
גע ן דעם קינד צו הייסע זופּ.

אומסאַרזונען — אַדי. אַרכ. אומגעריכט. „אוי וויא איבּר דער מכּה אורבּליצלינג [= פּלוצלינג] און פֿר זונן, פֿינף הונדרט קינדר צו גפֿינן אין בּרונן“, 'קינות אויף כמעלניצקיס גזרות'.

אומפּאַרזונקען

אומפֿאַרזונקען — אַדי. ניט־אײַנגעזונקען. א'ער אוצר. מעט. א'ע האָפֿענונג.

אומפֿאַרזיגלט — אַדי. ניט פֿאַרקלעפּט מיט אַ זיגל. ניט פֿאַרמאַכט הערמעטיש. א'ע פּאַפּירן. א'ע פֿלעשער ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרזייט — אַדי. ניט־פֿאַרזייט. א'ע פֿעלדער. „וואַקסן א'„ שטריגלער, איק, 27 I 1961.
־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאָרזיכטיק — אַדי. 1. אומאָפּגעהיט(ן); וואָס זאָרגט ניט גענוג וועגן זיכערקייט. א'ע טריט. א'ער קעמפֿער. „זי איז א, צוגעלאָפֿן צום בּרעג שיף און האָט זיך אַריבּערגעבּויגן איבּערן בּרעג און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין ים„, זעל“ג פֿון ניי זאַגער, שיינע אַנעקדאָטן, ווילנע 1893. „ בּאַטויבּט אַן א, חיהלע„, ש. בּלום, דער בּוים פֿון לעבּן, נ“י 1931. 2. ניט גענוג בּאַטראַכט. א'ע

טאַקטיק. א'ער גאַנג אין שאָך. „מיר געפֿינען
אים אין זײַן גאַנצן לעבנסלויף...זייער א'„, אמד,
בּיִ פּדק, ווילנע 1865. ־ערהייט — אַדוו.
־יקייט — ‟צוליבֿ דער א, פֿון דער מוטער...
קומט זייער אָפֿט צו אומגליקפֿאַלן„ פֿגעז,

,

פּאַריז 5 1949, No. „אַרײַנגעפֿאַלן איבּער זײַן
א'‟, נטה גליק, ר, מנחם אַלטאַרוער, ווילנע l879.
אומפֿאַרזיכערט — אַדי. 1. ניט־זיכער
געמאַכט; אומבּאַוואָרנט, אומבּאַשיצט. א'ע פּאָזר.
ציעס. א'ער צוזאָג. 2. ספּעצ. ניט־אַסעקורירט
אין אַ ספּעציעלער געזעלשאַפֿט. א, פֿון פֿײַער,
גניבֿה און אַנדערע היזקות. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרזילבּערט — אַדי. ניט בּאַדעקט מיט
זילבּער. א'ע לײַכטערס.
אומפֿאַרזינדיקט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט
חוטא געווען, ניט בּאַגאַנגען קיין זינד. שטראָפֿן
דעם א'ן. 2. וואָס איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון
אַ זינד. א'ער אַרעסט ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרזינדלעך — אַדי. נעאָל. [
רעקאָנסטרואירט פֿון דווו ←]. וואָס קען ניט בּאַגיין
קיין זינד.

אומפֿאַרזינדלעכקייט — די (דאָס). מצ נבֿ.
נעאָל. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן ,
אומפֿאַרזינדלעך,. „די לערע וועגן דעם פּויפּסטס א,
איז אַ חילול־השם„, מוו איבֿז, וויפּער, געשיכטע
פֿון מיטלעלטער, 1921.
אומפֿאַרזינקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס קען
ניט פֿאַרזינקען. א'ע מאַטעריאַלן. א'ע זכרונות.
אומפֿאַרזיסט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געמאַכט זיס(ער). א'ע פֿרוכטזאַפֿטן. ־ערהייט
— אַדוו. טרינקען עפּעס א'.
אומפֿאַרזיסלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
מאַכן זיס(ער). א'ע ביטערקייט ־קייט.

▯

אומפֿאַרזעאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע טאָר
(קען) ניט פֿאַרזען. א'ע זיכערקייט־מיטלען.
־יקייט.
אומפֿאָרזעלעך — אַדי. אַרכ. וואָס מע קען
ניט פֿאָראויסזען. אומפֿאָרויסגעזען. „און, אום
ווילן דער גרושן אונגשטימיקייט מיט דעם זיא
ווער, אונפֿורזעהליכן טוט„, יוסיפֿון, אַמשט
.1▯▯1
אום▯אַרזען — אַדוו. ← אומפֿאַרזעען. קיינער
איז ניט געבליבן א'.

או'מפֿאַרזע'ען — אַדי. וואָס איז ניט־דורכגעלאָזט, ניט־פֿאַרגעסן. א'ע פּרטים. קיין איין א, קינד.

-

אומסאָרזען — אַדי. אַרכ. ניט־פֿאָרויסגעזען. אומגעריכט. „איך וויל אויף זיא אורפּליצלונג אונ, און פֿר זעהן איבּר פֿאַלן", מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, טו, 8. „אונ, ער זאָל זיך היטן דער נויט ווייל ער אנדרשט ניט שטערבֿן איין און פֿר זעהן טויט,,, משל הקדמוני פֿפֿאַ l693 [ייִבל 2 ▯ 1 ,XIII].

,

אומפֿאַרזעצט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרפֿלאַנצט. א'ע בייטן, בוריקעס. 2. ניט אַרײַנגעגעבֿן ווי אַ משכּון. א'ע בע▯טשלײַכטערס. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרזעצלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט פֿאַרזעצן (ווי אַ משכּון). אַ צו וואָלוועלער, א'ער משכּון.

אומפֿאַרזשאַווערט — אַדי. אומפֿאַרראָסט.
א'ער מעטאַל. ־קייט.

▯

אומסאַרהושכט — [...כוישעכט] אַדי.
אומפֿארפֿינצטערט. א, פֿון דלות און נויט ־קייט.
—
.
אומפֿאַרהזירט — [...כאַזערט] אַדי.
אומפֿאַרשמוצ(יק)ט, אומפֿאַרבּרודיקט. א'ע פּנימלעך.
אומפֿאַרהידושט — [...כידעשט] אַדי.
אומפֿאַרוואונדערט. א'ע פּנימער. א'ער צוקוקער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרהיהשט — [...כאַיעשט] אַדי. וואָס
איז ניט געוואָרן בּרוטאַל, ווי אַ חיה. א, פֿון
אָכזריותדיקן אַרום ־קייט.
.
אומפֿאַרהלומט — ▯..כאָלעמט] אַדי.
אומפֿאַרטרוימט, אומפֿאַרטראַכט; אומפֿאַרזונקען אין
פֿאַנטאַזיעס. רואיק, בּאַטראַכט און א'. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרהלשט — [...כאַלעשט] אַדי.
ניטפֿאַרחלשט. מיט אַ שווערער וואונד און דאָך א'.
־קייט.

אומפֿאַרהתמע(נ)ט — [...כאַסמע(נ)ט] אַדי.
1. אומפֿאַרזיגלט. א'ע טירן. 2. אומפֿאַרקלעפּט.
א'ע בריוו. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרטאַכלעוועט ←— אומפֿאַרתּכלעוועט.
אומפֿאַדטאָפּלט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
געמאַכט צוויי מאָל אַזוי פֿיל (גרויס). א'ע פּאָר
ציע. ־קייט.
אומפֿאַרטויבט — אַדי. אומפֿאַרטומלט; וואָס
מע האָט ניט געמאַכט טויב (דורך געשרייען אע).
א'ע אויערן. די מוזיק, א, פֿון געטומל אַרום.
־קייט.
אומפֿאַרטוישט — אַדי. אומפֿאַרביטן. א'ע
היט.
אומפֿאַרטומלט — אַדי. ניט־פֿאַרדולט,
אומפֿאַרטויבט, ניט־צעטומלט. „דער א'ער רעדנער
האָט גערופֿן שטימען פֿאַר...“ ־ערהייט —
.
אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרטונקלט — אַדי. ניט געמאַכט טונקל
אָדער טונקעלער. א'ע צימערן. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט — א, פֿון געדאַנק.
אומפֿאַרטייבט — אַדי. 1. דזוו
אומפֿאַרטויבט. 2. ניט געמאַכט אומשפּירעוודיק. א,
פֿון דער קליינער דאָזע מעדיצין. א, פֿון זעץ

איבֿערן קאָפּ. ־קייט.

אומפֿאַרטראָגלעך

אומפֿאַרטייבֿלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרטייבֿן. א'ע ווייטיקן ־קייט.

.

אומפֿאַרטיידיקבֿאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. דזוו אומפֿאַרטיידיקלעך ←.

אומפֿאַרטיידיקט — אַדי. ניט־פֿאַרטיידיקט, ניט־באַשיצט. א'ער באַשולדיקטער. א'ע פּראָנטליניע. א'ע טעזע. „די הויפּטשטאָט איז געבליבֿן א'„, טמז, 24 ▯ 1964 III. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרטיידיקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרטיידיקן. א'ער פֿאַנטאַסטישער פּראָיעקט. ־קייט.

אומפֿאַרטײַטשט — אַדי. 1. ניט־דערקלערט.

י

א'ע ווערטער, טעקסטן. „און דרייט זיך אום ווי אַן אות אַן א'ער אין אַ בוך„, א. ניסענזאָן, דאָם לעבֿן זינגט אַפֿילו אין טויט, 1943.

2. ניט־איבֿערגעזעצט אויף ייִדיש. „איבֿערלאָזן אַ וואָרט — הגם עס איז פֿאַרשטענדלעך — א', אָדער עס איבֿערגעבֿן מיט אַ לשון־קודשן

סינאָנים, האָט בײַ זיי אויסגעוויזן ווי אַ מין...
אָפּנאַרערײַ,,, ש. נאָבל, חומש־טײַטש, 1943. 3. זן.
ניט־איבערגעזעצט. עטלעכע א'ע גריכישע
ווערטער אין דעם ענגלישן טעקסט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומפּאַרטײַטשיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט פּאַרטײַטשן. די א'ע שטעל פֿון אַלטן
דאָקומענט. ־יקייט.
אומפּאַרטיילתג — די, ־ען. שלעכטע (
אומיושרדיקע) פּאַרטיילונג. א, פֿון גיטער אין דער
אומיושרדיקער געזעלשאַפֿט.
אומפּאַרטיילט — אַדי. ניט־פּאַרטיילט. א'ער
פּראָוויאַנט. ־ערהייט — אַדוו.
אומפּאַרטיליקבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
מע קען ניט פּאַרטיליקן. „דער רוים איז...
אומגעשאַפֿן, א„ אומענדלעך און אייביק,,, זשיט II,
נ"י 1912. „דער ענדלעכער גײַסטיקער
עלעמענט איז לויט זײַן עצם נאַטור נייטיקערווײַז
אומבאַשטימט, און אין דער זעלביקער צײַט
פּונקט אַזוי נייטיקערווײַז א,,,, מעריסאָן איבז,
ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. „זאָלסט
אומאויסראָסבאַר זײַן, א',,, ,אייביקער ייִד', ליט, זאָמ,,
שיקאַגע 1943, I.
אומפּאַרטיליקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט

פֿאַרטיליקט. א, פֿאָלק. א'ע רעשטלעך. ־קייט.
אומפֿאַרטיליקלעך — אַדי. נעאָל. צו
פֿאַרבײַטן אומפֿאַרטיליקבאַר ←.
אומפֿאַרטיפֿט — אַדי. ניט געמאַכט טיף אָדער
טיפֿער. ניט־גרינטלעך. אייבערפֿלאַכיק און א'.
א'ע טעאָריע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרטיק — אַדי. ניט־גרייט, ניט־
צוגעגרייט, אומפֿאַרענדיקט. א'ער בגד, טיש אאָזוו.
־ערהייט — אַדוו. אָפּגעבן אַ שטיקל אָ□ .בעט
א'. ־יקייט — „פֿאַר מיר איז ניט פֿאַראַן קיין
שום פֿאַרטיקייט, עס איז די פֿילאָסאָפֿיע פֿון א,,
פֿון ניט־פֿאַרענדיקונג,,, קאָר I.
אומפֿאַרטראָגלעך — אַדי. פּ—
פֿאַר□ : □I,
טרעגלעך. וואָס מע קען ניט פֿאַרטראָגן,
פֿאַרלײַדן; וואָס איז זייער שווער, איבער די
כּוחות. א'ע יסורים. א'ע חניפֿה. א'ע משׂא.
־קייט.

-

אומפֿאַרטראָטן

אומסאַרטראָטן — אַדי. אויך: ~
פֿאַרטרעטן. 1. אומפֿאַרביטן. א'ענע קאַנדידאַטור.
2. ניט־באַטייליקט. א'ענע אין דער אָרגאַניזאַציע.
3. ניט־רעפּרעזענטירט. אַן א'ענע פּראָווינצער
קהילה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרטראַכט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרקלערט,
אומפֿאַרחלומט. אַקטיוו און א'. 2. וואָס איז
נאָך ניט־פּראָיעקטירט. אומפּלאַנירט. „ניטאָ וואָס
צו דינגען זיך וועגן אַן א'ער נסיעה“, רייד.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרטרויאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (טאָר) ניט פֿאַרטרויען. א'ע סודות, פּלענער
אע. ־יקייט.
אומפֿאַרטרוילעך — אַדי. 1. וואָס מע קען
ניט פֿאַרטרויען. א'ע סודות. 2. וואָס מע קען

ניט האָבּן קיין צוטרוי צו דעם. א'ער מענטש.
־קייט.

-

אומסאַרטרוימט — אַדי. אומפֿאַרחלומט.
היי̞ טיקע א'ע יוגנט ־קייט.

.

אומסאַרטרויערט — אַדי. וואָס איז ניט
דורכגענומען מיט טרויער. א, נאָך אַ שווערער
אַבֿידה.

אומסאַרטריבּן — אַדי. ניט־פֿאַריאָגט. א'ענע
שׂונאים. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרטרייבּלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
-
קען ניט פֿאַרטרײַבּן. א'ער טרויער. א'ע זאָרגן.
א'ע מונטערקייט. ־קייט.

אומסאַרטריקנט — אַדי. וואָס איז ניט (

געמאַכט) געוואָרן טרוקן. א, בּרויט. א'ע עלטער.
אומפֿאַרטרעגלעך — אַדי. דזוו
אומפֿאַרטראָגלעך ←. „די עפֿעקטן פֿון פֿראָסט זענען
נישט געווען אַזוי א'", טמז, 28 1965 I. ־קייט
— „אַ קראַנקייט, וואָס איר הויפּט־פֿאַקטאָר איז
די א, צווישן דעם בּלוט פֿון קינד מיט דער
מוטערס,,, טמז, 1964 II י 7.

אומסאַרטרעטבּאַר — אַדי. דטשמ. נר.
.. דוווו.
אומפֿאַרטרעטלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (דאַרף) ניט פֿאַרטרעטן, פֿאַרבּײַטן. א'ער
אָנפֿירער. „דאָס ייִדישע לעבּן נייטיקט זיך אין
ייִדיש ווי אַן א'ן טרעגער פֿון זײַן היסטאָרישן
און אייגנאַרטיקן מהות", פֿאַש, 1964 XII 15.
אומפֿאַרטשעפּעט — אַדי. 1. ניט־
פֿאַרטשעפּעט; ניט־צוגעטשעפּעט. א'ע וואַגאָנען. 2.
ניטפֿאַרהאַלטן (מיט כּוונה צו טאָן שלעכטס אָדער
בּאַלעסטיקן). דורכגיין די גאַס א, פֿון די
כוליגאַנעס. 3. גלאַטיק (בּײַם רעדן). א, האָט דער
אָנגעקלאָגטער געענטפֿערט בּײַם קרייצפֿאַרהער.

א, אָפּזאָגן אַ ליגן.

אומפֿאַריאָגט — אַדי. 1. וואָס מע האַט ניט פֿאַריאָגט; אומפֿאַרטריבּן. א'ע אָנפֿאַלערס.

2. אומפֿאַרהאַוועט ←. ־ערהייט — אַדוו, בּ1.

אומפֿאַריאָגלעך — אדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט פֿאַריאָגן. א'ע שווערע חשדים ־קייט.

.

-

אומסאַריאָכט — אַדי. ניט־אונטערגעוואָרפֿן אונטער אַ יאָך, ניט־געגומען אונטער אַן עול. א'ע קינדער, קינדהייט. א'ער געזעלשאַפֿטלעכער שטאַנד ־קייט.

.

-

אומסאַרי אושט — [...ייִעשט] אַדי.

דערדריקט אין אַ שטימונג אָן האָפֿענונג און אָן טרייסט. א, נאָך אַלע שווערע קלעפּ פֿון גורל. ־קייט.

אומפֿאַרכישופֿט — [...קישעפֿט] אַדי. 1. וואָס אויף דעם האָט כּישוף ניט געווירקט. דער א'ער העלד. 2. ניט־פֿאַרכאַפּט, ניט־באַהערשט פֿון שיינקייט, פּראַכט אע. א, פֿון לוקסוס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרכאַפּט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרנומען מיט כּוח. א'ער טראָן. 2. דזוו אומפֿאַרכישופֿט, בּ2.

אומסאָרכטיק — אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך (רופֿט ניט אַרויס) פֿאָרכט, שרעק פֿאַר גרויסקייט, געהויבּנקייט. א'ע בּאַציאונג צו אַלטע הייליקייטן. ־יקייט.

אומפֿאַרכלינ(י)עט — אַדי. אומפֿאַרכאַפּט, אומפֿאַרכישופֿט (מיט ביטול). א, פֿון דער אַרומיקער התפּעלות, א, פֿון די מעשׂיות וועגן צדיקס וואונדיירים.

▯

אומסאַרכמאַרעט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרצויגן
מיט כמאַרעס. אומפֿאַרוואָלקנט. א'ע, קלאָרע
הימלען. 2. אומפֿאַרדאגהט; אומפֿאַרטרויערט.
א, געמיט. ▯קייט.

▯

אומסאַרכמורעט — אַדי. דזוו אומפֿאַרכמאָ..
רעט (אָבער פֿאַרכמורעט איז פֿינצטערער,
בּיטערער, פֿאַרטרויערטער ווי פֿאַרכמאַרעט).
־קייט.

▯

אומסאַרכראַקעט — אַדי. ניט־פֿאַרכראַקעט.
,,געפֿין אַ שענק מיט אַן א'ער פֿאָדלאָגע,,, רייד.
אומפֿאַרלאָבּט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
איז אָן תּנאָים. א'ע — און שוין חתונה
געהאַט.
אומפֿאַרלאַד(י)עט — אַדי. סל. 1.
ניטאויסגעגליכן; ניט־צופֿרידנגעשטעלט; ניט־
איַינגעשטעלט. א'ער שלום־בּית. א'ע שותּפֿות. א'ער
סכסוך. 2. ניט־פֿאַרריכט. א'ער צעבּראָכענער

שטול. א'ער פּרעסל.
אומפֿאַרלאָדן — אַדי. ניט־פֿאַרלאָדן, ניט אָנגעלייגט מיט (געגוג) סחורה. אַ האַלב א'ענער וואַגאָן ־קייט.

אומפֿאַרלאָזלעך — אַדי. וואָס מע קען זיך אויף דעם ניט פֿאַרלאָזן, ניט אויסרעכענען אויף דעם. א'ע טוערס, געהילפֿן. א'ער צוזאָג. „איז די צאָל פֿון די...פֿאַלשע טײַטשן געוועזן אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן געמוזט דעם גאַנצן באַריכט ...אויסנלאָזן ווי א'", ש. נאָבל, חומש־מײַטש, נ"י 1943. „אַ זייער א'ע פּיל־פּנימדיקע און פֿאַרשווערערישע מחנה", לע, טמז, 1 XI l964. ־קייט.
אומפֿאַרלאָזן — אַדי. 1. ניט־עלנט; ניט־איינזאַם. זײַן א, אין דער פֿרעמד, געפֿינען פֿאַר זיך אַ פּאַסיקע סבֿיבֿה. 2. ניט־אויפֿגעגעבן ווי פֿאַרלאָרן. ניט־פֿאַרוואָרלאָזט, ניט געלאָזן אויף הפֿקר. א'ענע פּאָזיציע. „דיך, ירושלים, ווערט מען היישׂין איין גיפֿאָרשטי אונ, איין אום פֿר לאזנן שטאַט", סהמ, ישעיה, סב, 12. ־קייט.
אומפֿאַרלאַטעט — אַדי. 1. וואָס מע האָט אויף דעם קיין לאַטע ניט געלייגט. אַ צעריסענער א'ער בגד. 2. וואָס דאַרף (נאָך) ניט קיין לאַטע.

די הויזן זײַנען נאָך כמעט נײַ און א'. 3. פֿיג.

אומפֿאַרלעבט

וואָס איז געבליבן מיט אַ ריס. א'ער שלום־בית. א'ע באַציִאונגען צווישן די פּאַרטייען פֿון דער קאָאַליציע. ־ערהייט — אַדוו. טראָגן די קאַפּאָטע א'

אומפֿאַרלאַנג — דער, ־ען. היפּוך פֿון פֿאַר לאַנג. ווידערווילן; ווידערגעפֿיל. האָבן אַן א, צו גיין ערגעץ, צו זײַן צווישן חבֿרה־לײַט.

אומפֿאַרלאַנגזאַמט — אַדי. ניט געמאַכט לאַנגזאַמער, פּאַמעלעך. אַ באַשטענדיקע, אַן א'ע און אומפֿאַרגיכערטע באַוועגונג. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרלאַנגט — ־ אַדי. 1. ניט־געפֿאָדערט, ניט־געבעטן. קריגן צוגעשיקט א'ע ביכער. אַן א'ע מתּנה. 2. ניט־באַגערט, ניט־געוואונטשן. א'ע געסט. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרלאַנגיק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרלאַנגען. א'ע גליקן. ־(י)קייט.

אומפֿאַרלאָפֿן — אַדי. ניט־פֿאָרגעקומען.

ניטגעשען. ‟ער האָט אַ גוטן זכּרון, ער געדענקט
אַפּילו א'ענע געשעעניש‟, רייד ־ערהייט
—
— אַדוו.
אומפֿאַרלאָרן — אַדי. וואָס גייט ניט לאיבוד.
דיא אום פֿערלאָרענע האָפֿענונג, [נאָמען פֿון אַ
בּיכ], לובּלין 1895. ־קייט.
אומפֿאַרלאָשן — אַדי. ניט־פֿאַרלאָשן. א'ענע
שׂריפֿה. א'ענע תּאווה. ־ערהייט — אַדוו.
אַוועקגיין און לאָזן די שׂריפֿה א, —קייט.
.
אומפֿאַרלויבּט — אַדי. אינגאַנצן ניט געלויבּט
אָדער ניט־גענוג געלויבּט. שטילער, א'ער טוער.
אומפֿארלו ע אַדי. פּ—
פֿאַרגלול
ושעט. אומפֿאַרטומלט.
— ט — פּ: ~
שעט, ~ אַרה
אומפֿאַרטויבּט. מיט אַ קלאָרן א'ן קאָפּ.
אומפֿאַדליבּט — אַדי. ניט־פֿאַרליבּט. זײַן א,
און ניט געליבּט. א'ער חתן. ־ערהייט —
אַדוו. חתונה האָבּן א'. ־קייט.
אומפֿאַרליטן — אַדי. וואָס איז ניט

צוגעוואוינט צו לײַדן. „אַן א'ענע, וויינט זי, ווען זי פֿאַרשטעכט זיך אַ פֿינגער“, רייד ־ערהייט

.

— אדוו. ־קייט.

אומפֿאַרלײַזיקט — אַדי. וואָס איז ניט אָפּגעשאָטן מיט לײַז. דער איינציקער א'ער בעטלעו, אַרעסטאַנט ־קייט.

.

או'מפֿאַרליי'ט — אַדי. ניט־פֿאַרשמאָלצן מיט אַ מעטאַל. די א'ע כלי רינט. ־ערהייט — אַדוו. אָפּגעבן צוריק א,.

אומפֿאַרלײַכטערט — אַדי. ניט לײַכטער געמאַכט. אומפֿאַרגרינגערט. א'ע אויפֿגאַבעס. א'ע נויט.

אומפֿאַרלייקנבאַר— אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.

אומפֿאַרלייקנדיק, ־דלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרלייקענען. א'ער אמת, פֿאַקט. ־(י)קייט.

אומפֿאַדלייקנט — אַדי. ניט־פֿאַרלייקנט; ניטנעגירט. א'ע אמתן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרלעבט — אַדי. ניט־פֿאַרנוצט אויף צו לעבן. א, געלט; אַן א'ע ירושה.

אומפֿאַרלעגן

אומפֿאַרלעגן — אַדי. ניט־פֿאַרערגערט, ניס קאַליע געוואָרן דורך ליגן אַ לענגערע צײַט. א'ענע פּראָדוקטן.

אומפֿאַרלעגערט — אַדי. 1. דזוו אומפֿאַרלעגן. 2. ניט פֿאַררוקט אין אַ זײַט. א'ע סחורה. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרלענגערט — אַדי. 1. ניט געמאַכט לאַנג אָדער לענגער. א, קליידל. א'ע ליניע. 2. ספּעצ. וואָס דער טערמין פֿון דעם איז ניט געמאַכט לענגער. א'ער וועקסל. א'ע הלוואה. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרלענדט — אַדי. אומפֿאַרטיליקט; ניטאומגעבראַכט. א'ע רעשטלעך פֿון פֿאָלק. ־קייט.

אומפֿאַרלענד▯יק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרלענדן. אַן א, פֿאָלק. ־(י)קייט.

אומפֿאַרלעסלעך — אַדי. דטשמ. נר. ← אומפֿאַרלאָזלעך. „לאָמיר נעמען איין קליינעם בײַשפּיל, פֿון העגרי פֿאָרדס א'ן זכּרון“, נ. זאַלאָוויץ פֿאָר, 1963 I▯י 25.

,

אומפֿאַרלעצט — אַדי. אַרכ. איצט דטשמ. וואָס מע האָט ניט עובֿר געווען קעגן דעם. אומבאַשעדיקט, אומבאַרירט, אומגעשטערט,

אומבאַעוולט. א'ע רעכט, רעזאָלוציע, באַשלוסן. „איין פֿרומי פֿרויא איר ער און פֿר לעצט ביהאַלט, אַפֿילו אין איינם ווילדן וואַלד„, צוכט.

אומפֿאַרלעצלעך — אַדי. ← דפֿוו. וואָס מע דאַרף (קען) ניט עובֿר זײַן קעגן דעם. א'ע געזעצן.

אומפֿאַרלעשבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← זווו. „דעם א'ן רעכט פֿון יעדן מענטשן צו וואוינען דאָרט וואו אים פֿאַרוועלט זיך„, זשיט II , נ„י 1917.

אומפֿאַרלעשלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט פֿאַרלעשן. א, פֿײַער. א'ע תּאווה. „דער א ־ פֿײַערדיקער 'סנה', דער מדבר־חלום פֿון זײַן נבֿיא“, מר III, נ„י 1908. ־קייט.

או'מפֿאָרמאַ'ט — דער, ־ן. שלעכטער, ניטגעראָטענער, אומגעלומפערטער פֿאָרמאַט. „די בראָשור איז לאַנג און שמאָל, עפּעס אַן א'„.

אומסאַרמאַטערט — אַדי. ניט־פֿאַרמאַטערט, ניט־פֿאַרמוטשעט. אַן א'ער פֿון שווערער אַרבעט.

־ערהייט — אַדוו. דאָס געראַנגל פֿאַר אַ יידישער טאָפּאָנימיק...פֿירט ער א, שוין אַ האַלב

יאָרהונדערט לאַנג„, מ. שעכטער, ייִשפּ 3 ,XXII.
־קייט.
אומפֿאַרמאַטערלעך — אַדי. נעאַל. 1. וואָס
קען ניט פֿאַרמאַטערן. אינטערעסאַנטע, א'ע
אַרבעט. 2. וואָס ווייס ניט פֿון קיין פֿאַרמאַטערונג,
וואָס טוט כסדר. „צום א'ן זאַמלער„, מוו איבז,
וויפּער, געשיכטע פֿון מיטלעלטער, 1921. „[ייִדן]
האָבן צו פֿאַרדאַנקען זייער עקזיסטענץ דער א'ער
רירעוודיקייט פֿלײַסיקייט און באַשיידנקייט„, ת.
,
ווילטשינסקי, ייִבל 2 ,I. ־קייט.
אומפֿאַרמאַכט — אַדי. ניט־פֿאַרמאַכט;
ניטפֿאַרשפּאַרט, ניט־פֿאַרשלאָסן. אַרײַן דורך אַן
א'ער טיר. א'ע קאַסטנס. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.
אומפֿאַרמאַכלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרמאַכן, פֿאַרשפּאַרן, פֿאַרשליסן. אַ
צעבראָכענע, א'ע סיר. ־קייט.

או'מ אָרמאַ'ל — אַדי. דזיו אומפֿאַרמעל ←.
־קייט.
אומפֿאָרמאַליזירט — אַדי. ניט געמאַכט

פֿאָרמעל. א'ער באַשלוס, פסק־דין. ־קייט.
או'מפֿאָרמאַליטע'ט — די, ־ו. אייגנשאַפֿט
אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומפֿאָרמעל. ניט
אָפֿיציעלקייט, אומפֿאָרמעלקייט. א, אין באַציאונגען.
אומפֿאָרמאַליסטיש — אַדי. 1. וואָס איז
ניט לויטן דרך פֿון אַ פֿאָרמאַליסט, ניט אין
נוסח פֿון פֿאָרמאַליזם פֿרײַנדלעכע, א'ע
אונטער.
האַנדלונגען. א'ע גראַמאַטיק. 2. ניט־
ביוראָקראַטיש. ־קייט.
אומפֿאַרמאַליעוועט — אַדי. ניט־
פֿאַרמאַליעוועט, ניט־פֿאַרפֿאַרבט, ניט־פֿאַרשמינקט. אַ
האַלבא'ע וואַנט. א'ע פֿאַבריק־מיידלעך. ־ערהייט
— אַדן.
אומפֿאָרמאַלנע — [ווייכע I אַדי. פֿטמ. דזוו
אומפֿאָרמעל ←.
אומפֿאַרמאַסקירט — אָדי. 1. אומפֿאַר
שסעלט; ניט־פֿאַרדעקט מיט אַ מאַסקע. א'ער
רויבער. 2. ניט־פֿאַרבאָרגן, ניט־פֿאַרבאַהאַלטן.
א'ער אַנטי־סאַנק־פּאָסטן. „עד איז אַן אָפֿענער,
א'ער קלאַסן־פּאָליטיקער„, ימ, נײַס, 1923.
־ערהייט — אָדוו. ־קייט.

אומסאַרמאָרעט — אַדי. ניט־פֿאַרמאָרעט,
ניט־פֿאַרמוטשעט. אַרויס פֿון אַ לאַגער א'.
־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרמוטלעך — אַדי. אַרכ. אומגעריכט,
אומפֿאַרהאָפֿט. ״זוא און פֿאַר מויטליך הער
קעם״, גה, 233.
אומפֿאַרמוטשעט — אַדי. אומפֿאַרמאַטערט;
אומפֿאַרפּײַניקט. א'ע אַרעסטאַנטו. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרמויערט — אַדי. ניט אַרומגעבֿויס
-
מיט אַ מויער; ניט־פֿאַרשלאָסן אין אַ מויער.
א'ע שאַצקאַמערן. ־ערהייט—אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרמיאוסט — [...מִיעסט] אַדי. ניט
געמאַכט מיאוס, עקלדיק. א'ע מאכלים. א'ע
חני ה.
אומפֿאַרמיטלט — אַדי. וואָס איז אָן אַ
פֿאַרמיטלער. דירעקט, גראָד; גלײַך. דאָס א'ע
רעאַגירן. ״דאָס דאָזיקע געפֿיל איז א, געקניפּט און
געבֿונדן מיט די פֿאָרקומען פֿון אָנהייבֿן
צײַטיקן״, ימ איבֿז, ייִנגל און מיידל, 1929. „דורך
דעם נײַעם וואָרט וואָס זיי שאַפֿן נעמען זיי אויף
די וועלט א', און ניט דורך די חושים און כּלים

פֿון אַנדערע„, זק, ייִפֿאַ, 8 ,1938. „אַן א'ע פּער
זענלעכע איִבערלעבונג“, לל, קוד, דעצ, 1963.
־קייט — „באַקומט זיך ווי אַ רעזולטאַט די
א, פֿון עפּיזאָד„, ים, ייִבל III XX.

-

אומסאַרמײַד — דער, ־ן. נעאָל.
אומפֿאַרמײַדלעכקייט. „דער אַלטער זעט דעם א'“, מ. ז.
טקאַטש, 'דער אַלטער בוים', 1939.

-

אומסאַרמײַדט — אַדי. ניט־אויסגעמידן,
ניטאויסגעמיטן. „די רעדער...אײַנגעשפּאַרטע טראָגן
זיך אין טעמפּן, א'ן וועג“, בּ. לאַפּין, צייכנס.
אומפֿאַרמײַרלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען
ניט פֿאַרמײַדן. באַשערט. א, ווי אַן
ערדציטערניש. „די באַשדײַבונג ווי גאָט האָט פֿאַרברענט
סדום און עמורה איז קורץ, שאַרף, א, ווי דער

אומפּאָרמעוועגן

גזר“, אפּא, נעטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. „ער
האָט זיכער געשפּירט זײַן גיכן א'ן אָנקום„,

יג, תּוך. 2. בלי־ספֿקדיק. אָנגעצייכנט, באַשטימט. „און ריידן דערפֿון פּונקט ווי פֿאַר אַן
א'ער רײזע„, ווײס, 'ווי דע□ר גורל פֿירט'. „אַ פֿאַרפֿאַלענער חובֿ...דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס
א'ער היזק“, ב. האַלפּערן, האַנטבוך...פֿון אַ פֿאָלקסבאַנק, ווילנע 1922. „די אַלע הוצאות,
א'ע און אומאָפּפֿרעגלעכע...באַטרעפֿן כמעט אַזוי פֿיל ווי דער בעל־דבֿר פֿאַרדינט“, נ. זאַלאָוויץ,
פֿאָר, 23 □ 1960 III.

אומפֿאַרמײדלעכקייט — די (דאָס), ־ן.
י

אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפֿאַרמײַדלעך. א, פֿון גורל. „עס ווערט ווײַטער
קלאָר די א, פֿון דעם פּאָליטישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין דעם לעבן פֿון דער ייִדישער
אַרבעטערשאַפֿט“, זשיט □ יI, נ“י 1912.

□

אומסאַרמינערט — אַדי. ניט געמאַכט
וויינקער* א'ע שטײַערן, א'ע וויכטיקייט, זאָרג.
א'ע שיינקייט. „אונדז ברענגען די א'ע מתּנה:
זיך און זײַן ווערק“, ש. ביקל, טאָג, 4 1964 I.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרמינערלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט פֿאַרמינערן. א'ע זאָרגן. ־קייט.

▯

אומסאַרמיסטיקט — אַדי. ניט פֿאַרשאָסן מיט מיסט; ניט־פֿאַרבלאָטיקט. א'ע גאַסן.

▯

אומסאָרמיק — אַדי. אָנפֿאָרמיק. ניט־גוט געפֿאָרעמט. מאָדערניסטישע, א'ע סטאַטועס. ־יקייט.

▯

אומסאָרמירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומפֿאָרמירן.
אומפֿאָרמירט — אַדי. 1. פּאַר אומפֿאָרמירן ←. 2. ניט־פֿאָרמירט. „עס ענדיקט זיך אין אַן אומבאַשטימט באַוואוסטזײַן פֿון דאָס א'ע און אומבאַגרענעצטע“, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.

אומסאָרמירן — טרוו. ־מיר אוס, ~(גע)
פֿאָרמירט. איבערפֿאָרמירן, פֿורעמען אויף אַן
אַנדער אופֿן. א אַ מיליטערישע איינהייט, אַ
,
שולסיסטעם.
אומפֿאַרמישט — אַדי. 1. ניט־צונויפֿגעמישט
מיט עפּעס. ריינע מעל, א, מיט קלײַען. 2.
ניטבאַטייליקט אין אַ גרופּע אָדער אונטערנעמונג
(געוויינלעך מיטן בײַבאַטײַט אַז די גרופּע אָדער
אונטערנעמונג זײַנען שלעכט). א, אין דער פֿאַר
שווערונג, אין סקאַנדאַל. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

-

אומסאַרמסרט — [...מאַסערט] אָדי.
ניטפֿאַרמסרט. א, פֿאַר דער מאַכט. א'ע
רעוואָלוציאָנערן. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרמעגלעך — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
(גענוגיקן) פֿאַרמעגן. אַן א'ער, אָבער ניט קיין
קבצן חלילה. „די משפּחה מ. האָט
אַרײַנגענומען אומפֿאַראינטערעסירטערהייט אַן א'ע
ייִדישע שנײַדערקע„, ע. רינגעלבלום, כּתבֿים פֿון

געטאָ II. ־קייט.

אומסאָרמעוועו — טרוו. ־מעווע אום, ~
געפֿאָרמעוועט פֿאַרלאַנגט...אַז די געזעלשאַפֿט זאַל
. ,,
אומגעפֿאָרמעוועט ווערן,,, בּ פֿײַגענבּויס איבּז,

בּעבּעל, די פֿרוי און דער סאָציאָליזם, נ,,י 1911.

או'מפֿאָרסע'ל
או'מפֿאָרמע'ל — אַדי. ניט־אָפֿיציעל,
ניטצערעמאָניעל, ניט לויט אײַנגעשטעלטער פֿירונג
אין אַן אַמט. ,,דער פֿאָרזיצער פֿון א'ן שמועס
האָט געבּעטן...,,, נ. גאָרדאָן, טמז, 26 1961 X.
־קייט.
אומפֿאַרמעליקט — אַדי. ניט אויסגעשמירט
אין מעל. געמאָלן מעל און אַרויס א'.
או'מפֿאַרמע'קט — אַדי. ניט־פֿאַרמעקט,
ניטפֿארווישט. א'ע אותיות ־ערהייט — אַדוו.
־
.
־קייט.

אומסאָרמער — דער, ־ס. אַפּאַראַט וואָס
טראַנספֿאָרמירט אַן עלעקטרישן שטראָם פֿון אַ
הויכן צו אַ נידעריקן פּאָטענציאַל אָדער
פֿאַרקערט. „אין ווילנער טעכניקום איז אַ, געווען
דער מאָטאָר מיט אַ דריַי־פֿאַזיקן
טראַנספֿאָרמאַטאָר“.
או מפֿאַרמע'רט — אַדי. ניט געמאַכט (
געוואָרן) מער. א'ע באַפֿעלקערונג. ־ערהייט —
אַדוו. קייט.

אומסאַרמעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
דרך (שטייגער, כאַראַקטער) פֿון פֿאַרמערס. א'ער
ליבעראַליזם.
או'מפֿאַרמע'רלעך — אַדי. נעאַל. וואַס לאָזט
זיך ניט פֿאַרמערן. א, אייגנטום. ־קייט.

אומסאַ בונט — [...מאַשקנט] אַדי. ניט
אָפּגעגעבן ווי אַ משכּון. „דער איינציקער א'ער
כּוס איז פֿאַרבליבן אויף צו מאַכן קידוש“.
־ערהייט — אַדוו.

-

אומפּאַ   פּט — [...מישפּעט] אַדי. 1.
ניטבאַשטראָפֿט פֿון (דורכן) געריכט. שטיין פֿאַרן
געריכט און אַרויס א'. 2. ניט באַשטימט צו
עפּעס שלעכטס מצד אַ מאַכט. די שוין פֿאַר
משפּטע און דערוויַיל נאָך א'ע צום אונטער
גאַנג. ־ערהייט — אַדוו. א, זיצן אין תּפֿיסה.

1 פֿאַרן אַ לענגעוע צײַט. „אוו דער לאַקיי,
אומסאָרן — אוטוו. פֿאָר אום, בין ~געפֿאָרן.

.

וואָס איז שטענדיק אומגעפֿאָרן מיטן ,פּאַניטש,
...האָט אויספּירלעך אַלץ דערציילס“, יק.
2. אַרומפֿאָרן, פֿאָרן אין (איבע) פֿאַרשיידענע
ערטער. “אָ מחבר וואָס איז אומגעפֿאָרן קלויבן
געלט אויף אַ ספֿר וואָס ער דרוקס“, יכנהז,
יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק, 1888. „איז ער
אומגעפֿאָרן אויף דער וועלט„, ספֿר דובֿר שלום,
פּשעמישל. „צווישו די מגידים וואָס פֿלעגן אין

יענער צײַט א, פֿון אָרט צו אָרט מוסר זאָגן,,,
לדבֿ, נ,,י תּשי,,ז. א, אויף קבֿר־אָבֿות = אויך:
פֿאָרן (אויסגעבֿן געלט) צו מאָנען חובֿות פֿוו
שלעכטע צאָלערס.
אומפֿאַרנאָגלט — אַדי. 1. אומפֿאַרפֿעסטיקט
מיט אַ נאָגל (מיט נעגל). א'ע בּרעטער, לאָתס.
2. ניט־דעמאַסקירט. ,,ער האָט זיך
אַרויסגעדרייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן משפּט און געבליבֿן
אַן א'ער פֿאַררעטער", רייד ־ערהייט —
...
אַדוו.

-

אומסאַרנאָטירט — אַדי. ניט־פֿאַרשריבֿן. א'ע
לעקציע. א'ע הוצאות. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
או'מפֿאַרנאַ'רט — אַדי. 1. וואָט מע האָט
ניט אַרײַנגענאַרט (ערגעץ צו קומען, עפּעס צו
סאָן). א, מיידעלע. 2. וואָס שאַצט זיך ניט

בער, איז ניט פֿאַרנאַרט בײַ זיך. „זי איז א, און ווייסט אַז זי וועט קיין בעסערן חתן ניט קריגן“.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרנומען — אַדי. 1. ניט־באַזעצט. א, לאַנד. „זעצט זיך אויף אַן א'עם פּלאַץ„, רייד.
2. ניט־באַשעפֿטיקט פּריי פֿון אַרבעט. א'ער

,

מענטש. אין אַן א'ער מינוט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאָרנונסט — די. מצ נבֿ. דטשמ. נר. היפּוך פֿון שׂכל פֿון חכמה. אומפֿאַרשטאַנד.

,

אומסאַרנונסטיק — אַדי. דטשמ. נר. ניטשׂכלדיק. „זיי זײַנען א'ע און מיט פֿאָראורטיילן קעגן ייִדן“, ייִבל X, 4.

-

אומסאַרנוסטיק — אַדי. לויט אַרכ פּאָרעם
פּאַרנופּט = שׂכל. אומשׂכלדיק; אומלאָגיש. „איר זײַט גלײַך גירעכנט אַז דשׂ אונפּרנויפּטיג פּיך„, יוסיפּון, אַמשט 1661.
אומפּארנוצט— אַדי. פּ— פּאַרניצט ←.

— ~ :

אומפּאַרוועדט, אומפּאַרבּרויכס; וואָס פּון דעם האָט מען קיין נוצן ניט אַרויסגענומען (באַקומען). א'ע ידיעות. מאַטעריאַלן, א'ע בײַ דער אויספּאָרשונג. יונגע א'ע כּוחות ־ערהייט

.

— אַדוו. ־קייט.
אומפּאַרניטעוועט — אַדי. 1. אומפּאַרפּעסטיקט מיט ניטן, שטיפּטו. א'ע בלעכו. 2. ניטצוגעבּרוינט. א, געבּעקס.
אומפּארנייגט — אַדי. 1. ניט אַראָפּגעבּויגן.

-

-

מיט אַן א'ן קאָפּ. 2. ניט־אײַנגעבּויגן, ניט־צעבּויגן. אַ לאַנגער א'ער טשוואָק. 3. פּיג. ניטהכנעהדיק. שטאָלץ און א,. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרנייט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרנייט. א'ע ריסן. 2. דזוו אומפֿאַרלאַד(י)עט ←. ־ערהייט — אָדוו.

אומפֿאַרניינבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← אומפֿאַרניינלעך.

אומסאַרניינט — אַדי. ניט־אָפּגעלייקנט, וואָס אויף דעם האָט מען ניט געזאָגט ניין. א'ער בּאַווײַז, אמת. ־קייט.

אומפֿאַרניינלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט פֿאַרניינען. א'ער בּאַווײַז, אמת ־קייט.

.

אומפֿאַרניכט — אַדי. דטשמ. [פֿאַרניכט איז אָפֿט אין ליטרש]. מיטן צוגאָבּ ־עט נר. ניטצעשטערט, ניט־אויסגעראָט, ניט־אומגעבּראַכט. א'ע דאָקומענטן. א'ע רעשטן פֿון אַן אַלטער קולטור.

-

אומסאַרניכטבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. אומצעשטערלעך. ־קייט.

אומסאַרנינסטיק — אַדי. דזוו
אומפּאַתונפּטיק ←. ,,איך בין און פּר נינפּטיג, אונ, מענשן פּר שטאַנד איז ניט בײַא מיר,,, משלי בלשון אַשכּנז פּפּדמ 1713.

- -
— ,
אומסאַרניסטיק — אַדי. אַרכ. ← דפּוו. ,, לעבין אליש וויא דאז און פּארניפּטיגי פּיך,,, גה, 5.

אומסאָרניצט — אַד. פּפּ: ~פּאַרנוצט ←.
(דער דינער אונטערשייד צווישן די ביידע פּאָר מען באַשטייט אין דעם וואָס ביי דער ערשטער רעדט זיך געוויינלעך וועגן קאָנקרעטע זאַכן).

אומפֿאַרסעקורירט

א, געלט. א'ע פּראָדוקסן. א'ע מאַטעריאַלן בײַם
בויען עפּעס. א'ע ענערגיע, צײַט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרניצלעך — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף)
ניט פֿאַרניצן. שלעכטע, א'ע מאַטעריאַלן.
גרויסער, א'ער אָנגרייט. ־קייט.
אומפֿאַרניקלט — אַדי. ניט־באַדעקט מיט
ניקל. א'ער באַשטעק.
אומפֿאַרנעמלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען
ניט פֿאַרנעמען, אַרײַננעמען אין זיך, באַנעמען.
„אַלץ וואָס...איז הייליק...רופֿט אַרויס אַ געוויסע
א'ע שרעק“, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע
פּרינציפּן. 2. וואָס מע קען ניט פֿאַרנעמען,
באזעצן פֿאַרכאַפּן. א'ער שטח ־קייט.
־
, .
אומפֿאַרנעפּלט — אַדי. פּ— פֿאַרנעבלט.

~ □ □

1. ניט־פֿאַרצויגן (פֿאַרדעקט) מיט אַ נעפּל. א'ע
ווײַט. 2. ניט־סודותדיק, ניט־פֿאַרבאָרגן. א'□ .
רייד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

▯

אומסאַרנעצט — אַדי. ניט־דורכגענומען פֿון נעץ, וואַסער. א, פֿון רעגן. א'ע, סרוקענע קליידער. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרנעצלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרנעצן. א'ע פלאַסטישע מאַסעריאַלן. א'ע גומענע מאַנטלען. ־קייט.

-

אומסאַרסאָרעט — אַדי. (וועגן אויגן) וואָס אין דעם איז ניט אַרײַן קיין שטויב. „האַלט כאָטש אָפּן דאָס א'ע אויג„„ רייד.

-

אומסאַרסטראָיעט — אַדי. סל. ניט־פֿאַרבויט. א'ע פלעצער, געגנטן.

-

אומסאָרסטראַכירט — אַדי. ניט

אַסעקורירט, ניט־פֿאַרזיכערט. א'ע גיטער און

ווערטזאַכן. ־ערהייט — אָדוו ־קייט.

.

אומפֿאַרסטריגעוועט — אַדי. ניט־פֿאַתייט
אויף דערווײַל, מיט לאַנגע שטעך און בּיליקן
פֿאָדעם. א'ער אַרבּל. ־ערהייט — אַדוו. א,
נעמען גלײַך נייען מיט דער מאַשין.
אומפֿאָרסירט — אַדי. אומגעצוואונגען.
ניטאָנגעווענדט קיין דרוק, קיין כּוח. א, אונטער
געבּן זיך. ־קייט.
אומפֿאַר ד

לט. ניט אונטערגעצויגן
־הכלט — [...סאַכ(ה)אַקלט] אָדי.
אויך: ~פֿאַרםכהכּ
דעם סךהכּל, ניט אויסגערעכנט דעם רעזולטאַט.
א'ע חשבּונות, מאָנונגען. א'ע רעזולטאַטן.
אומפֿאַרסמאַל(י)עט — אַדי. ניט־פֿאַרבּרענס
פֿון אויבּן; ניט אַרומגעבּרענט (וועגן רעשטלעך
פֿון פֿעדערן). א'ע הון. א'ע האָ . אַרויסראַטעווען
פֿון דער שׂריפֿה עטלעכע א'ע זאַכן. א, פֿון דער
זון.

-

אומסאַרסמאַרקעט — אַדי. ניס־פֿאַרשמירס

מיט אויסשיידונג פֿון נאָז. אומפֿאַרשמוצט. אַן אַלטע, אָבער א'ע קאַפּאָטע.

אומסאַרסמט — [...סאַמט] אַדי. 1. וואָס אין דעם איז ניט אַרײַנגעטאָן קיין סם. א'ער ווײַן. פֿיג. א'ע רייד. 2. ניט־אומגעבראַכט דורך סם. דער לעצטער א'ער ייִד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרסעקורירט — אַדי. ניט־(פֿאַר) סעקורירט, ניט־פֿאַרסטראַכירט. אַן א'ער, האָט די שׂריפֿה אים בדלות געשטעלט.

אומפּאַרעיפּושט

אומסאַרעיפּושט — [...איפּעש] אַדי. ניט געוואָרן (געמאַכט) שטינקענדיק, פֿאַרשטונקען. א'ע, אָבער ניט קיין פֿרישע פֿיש.

-

אומסאָרעכץ — דאָס, ־ן (־ער). פּראָצעס פֿון אומפֿאָרן ←. (איר בײַטעם).

אומפֿאַרעלטערט — אַדי. וואָס איז ניט געוואָרן (ניט געמאַכט) עלטער; וואָס זעט ניט אויס עלטער. א, אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע פֿינף יאָר. א, פּנים. א'ער שמייכל. א'ע אידייען, ביכער. ־קייט.

-

אומסאָרעם — די, ~פֿאָרמען (־ס). ניט־גוטע, ניט־ריכטיקע פֿאָרעם, סטוטש, גרופּע 152: „א, אַסימעטריע“.

-

אומסאָרעמדיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
(גוטע, ריכטיקע) פֿאָרעם. א'ער גוף. א'ע כלים.
־יקייט — „קעגן דער דאָזיקער א'„ מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

▯

אומסאָרעמען — טרוו. ־רעם אום, ~
געפֿאָרעמט. איבערפֿאָרעמען, פֿאָרעמען אויף אַן
אָנדער אופֿן. א אַ ביוסט. א אַ זאַך, אַ פּלאַן,

,   ,

אַ באַריכט, אַ רעזאָלוציע. א, די דערציאונג.
־ונג.

▯

אומסאָרענגט — אַדי. ניט געמאַכט ענג. א'ע
שיך. א'ע לעבנס־באַדינגונגען.

-

אומסאַרענדיקונג — די, ־ען. סטוטש, גרופּ1ע

44. היפּוך פֿון פֿאַרענדיקונג.

אומסאַרענדיקט — אָדי. ניט געמאַכט ביזן
סוף; ניט אָפּגעטאָן, אויפֿגעטאָן (געוואָרן) ביזן
סוף. מאָנען שׂכר פֿאַר אַן א'ער אַרבעט. א'ע
סימפֿאָניע. „מע וואָלט דאָס בילד פֿונעם העלד
ניט געלאָזן א', אומפֿאַרפֿולקומט„, שנ, ה. לייוויק.
„אונטער אַן א'ן אַרטיקל איז ניטאָ קיין אונטער
שריפֿט פֿון מחבר“, א. גאָרדין, יאַנאָווסקי...„
ל אַ 1957. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
„ .

אומסאַרענדערט — אַדי. [אָפּט אין ליטרש].
1. וואָס האָט זיך ניט געביטן; אומפֿאַראַנדערשט.
„א, איז געבליבן די שטערבלעכקייט פֿון
אָנגעבאָרענע לעבנס־שוואַכקייטן„, טאָז, וואַרשע
10 1929, No־11. „איז פּסח געבליבן א', אַפֿילו
אַז אַ טייל מנהגים האָבן זיך געאַנדערשט“, אפֿא,
געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. 2. וואָס דאַרף זיך

ניט בײַטן. „א, מעתּיק געווען“, עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 1866. „בכדי די תּורה זאָל צווישן אײַך א, בלײַבן„„ דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897.
אומפֿאַרענדערלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט (קען זיך ניט) פֿאַרענדערן. אומבײַטעוודיק. א'ע נאַטור־געזעצן. „מען איז ניט מחויבֿ צו האַלטן אַז די דאָזיקע ייִדישקייט איז אַן א'ע, איין מאָל אויף אַלע מאָל געגעבן“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922. „דער שטאָף וואָס געפֿינט זיך אויף דער גאַנצער וועלט איז אַן א'ער קוואַנטום“, גוטנ. „מיר מוזן אויפֿהערן צו גלייבן אין איין א'ע אמתע צײַט„, יאַשונסקי איבז, ה. שמידט, דאַם וועלטבילד, וואַרשע 1923. „דו ביסט געבליבן דו. א, און אומפֿאַרענדערט“, רעסלער, טמז, 9 XII 1961. ־קייט — „דאָ זעען מיר דאָס בילד פֿון באַשטענדיקייט און מיר הערן דערבײַ אויך דעם געדאַנק פֿון א'“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿדי־טײַטש.

-

אומסאַרענטסערבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
מאַרק ווב. ← אומפֿאַרענטפֿערלעך.

-

אומסאַרענטסערט — אַדי. וואָס איז געבליבן
אָן אַן ענטפֿער. ניט דערקלערט. אַן א'ע קשיא.
„איך האָב בײַ [גרעצן] ניט געפֿונען קיין
ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, און זי איז פּונקט אַזוי א,
ווי די קשיא וואָס אַחד־העם האָט געשטעלט“,
קאָר II. „איין פֿראַגע איז געבליבן א'; איין
וואונד האָט די צײַט ניט פֿאַרמאַכט„, א. ווײַזעל,
פֿאָר, 1 1963 II ־ערהייט — אַדוו. לאָזן עס

.

א'.
אומפֿאַרענטפֿערלעך — אַדי. 1. וואָס קען
(לאָזט זיך) ניט פֿאַרענטפֿערן, פֿאַרטיידיקן, זאָגן
גוטס וועגן דעם. א'ע מעשׂים. א'ער לײַכטזין.
„אונפֿרענטפֿרליכי גרויאל“, אליהו בר, ליזר
קוטניס, תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692.
2. וואָס איז אָן אַחריות, אומפֿאַראַנטוואָרטלעך.

א'ע אָפּאָזיצע. א'ע אָפּלייגענישן אויף שפּעטער.
3. וואָס מע קען ניט געפֿינען קיין ענטפֿער אויף
דעם. אומענטפֿערלעך. א'ע פֿראַגעס, שאלות.
־קייט.

אומסאָרעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
אומפֿאָרן ←. אויסברענגען דאָס גאַנצע געלט
אויף איבעריקע א'ן.

אומסאַרענסערט — אַדי פֿטמ. דזוו
אומפֿאַר.
ענטפֿערט ←. „אַנשטאָט צו געבן אַ תּירוץ אויף
דער קשיה,...לאָזט ער זי גאָר אינגאַנצן א,
איבער“, ש. צ. זעצער,.. דיני ממונות און דיני
נפֿשות, נ“י 1934.
אומפֿאַרעפֿנטלעכט — אַדי. וואָס איז ניט
געבראַכט געוואָרן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט;
ניטפּובליקירט; ניט־אָפּגעדרוקט. א'ע דאָקומענטן,
בריוו, באַשלוסן. „ווײַט נישט אַלץ, וואָס איז
געבליבן א, פֿון טובֿימס פֿילזײַטיקער

ליטעראַרישער פּראָדוקציע“, ש. ל. שנײַדערמאַן, איק, ר,,ה תשכ,,ה.

אומפֿאַרעקשנט — [...אַקשנט] אַדי. ניט־אײַנגעשפּאַרט; ניט־האַרטנעקיק. נאָכגעביק. א'ער פּשרה־מאַכער. א'ע פּשרה ־קייט.

.

□

אומסאָרער — דער, ־ס. ווב ־קע, ־ין, ־ס. ווער עס פֿאָרט אום. א'ס איבער זיבן ימען. ,,זיי האָבן אים...געמאַכט פֿאַר אַ שמײַסער (דאָס הייסט אַן א, אויף פֿרעמדע פֿערד)“, ח. ד. גילדענבלאַט, אַבֿרהמעלע בעל עגלה, ווילנע 1913. ־ערײַ.

אומפֿאַרערגערט — אַדי. ניט געוואָרן (געמאַכט) ערגער. אין אַן א'ן צושטאַנד. א'ע באַציאונגען. ־קייט.

אומפֿאַרערגערלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרערגערן. ,,דער מצבֿ איז אַזוי שלעכט אַז ער איז שוין א',,. ־קייט.

□

אומסאַרערט — אַדי. ניט־גענוג געהאַלטן אין
כּבֿוד, געהאַלטן הויך, געאַכט. א'ע טראַדיציע.
גרויסע, אָבער א'ע טאַלאַנטן.
אומפֿאַרפּאַטשקעט — אַדי. 1. ניט־
פֿאַרשמירט, ניט־פֿאַרשמוציקט. א, פּאַפּיר. א, קליידל.
2. פֿיג. ניט־דיסקרעדיטירט. א'ער נאָמען.
־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרפּאַכט — אַדי. ניט־פֿאַרדונגען אין
אַרענדע. א'ע גיטער.

-

אומפֿאַרפּרעסט

אומסאַרפּאַקט — אַדי. ניט אַרײַנגעלייגט אין
-

אַ פּאַק, קאַסטן, טשעמאָדאַן אע; ניט

אַרומגעוויקלט אויף צו פֿירן, פֿאַרהיטן. א'ע סחורה. א,

גלאָזוואַרג. ־ערהייט — אָדוו.

-

אומסאַרפאַרעט — אַדי. 1. ניט־באַווירקט
פֿון זודיק וואַסער אָדער פֿון פאַרע. א'ע טיי.
אַרויסקומען פֿון דער באָד אַן א'ער. 2.
ניטבאַווירקט פֿון היץ; ניט־פֿאַרשוויצט. אָפּטאַנצן אַ
נאַכט און בלײַבן א, ־ערהייט — אַדוו.
.

-

אומפֿאַרפאָרעט — אַדי. ניט־פֿאַרנומען;
ניטפֿאַרטאָן (שטאַרק, מיט אינטערעס). טאָן עפּעס
געמיטלעך און א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרפּוצט — אַדי. 1. אומפֿאַרצירט,
ניטפֿאַרשענערט (דורך בגדים, צירונג). גיין
יומטובֿ א, ווי אינדערוואָכן. 2. וואָס איז אָן
געקינצלטקייט; נאַטירלעך. ריידן א', פּראָסט־פּשוט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרפּוצלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט פֿאַרפּוצן. אַן אָפּגעבליאַקעוועטער, אַן א'ער

זאַל ־קייט.

-

.

אומסאַרפֿײניקט — אַדי. אומפֿאַרמוטשעט;
י

ניט־אומגעבראַכט אָדער ניט־צעדריקט דורך
גרויסע ווייטיקן, דורך פֿיזישע אָדער גײַסטיקע
יסורים. א, פֿון כּסדרדיקע פֿאַרהערן. אַרויס פֿון
קאָנצענטראַציע־לאַגער אַן א'ער.

-

אומסאַרפּיעשטשעט — אַדי. סל. ניט־
פֿאַרצויגן, ניט־צעבאַלעוועט. אַן א'ע בת־יחידה.
־ערהייט — אַדוו. א, וועט איר זײַן לײַכטער
צו באַגעגענען דאָס לעבן.
אומפֿאַרפּלאָמבירט — אַדי. ניט־פֿאַרמאַכט
מיט אַ פּלאָמבע. א'ע פֿעסער ווײַן. א'ע ציין.
־ערהייט — אַדוו. אויסדרילן די ציין און זיי
לאָזן א'. ־קייט.
אומפֿארפּלאנטערט — אַדי. פּ—
פֿאַרפּלאָנטעט. 1. ניט־דעזאָרגאַניזירט; ניט־
פֿאַר— פּ: ~

מישט; ניט־צעדרייט. א'ע חשבונות. א'ע שטריק.
2. ניט־קאָמפּליצירט; קלאָר. אַן א'ער ענין. א'ע טעאָריע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרפּעטשאַטעוועט — אַדי. סל.
אומפֿאַרזיגלט. א'ע פּעקלעך.
אומפֿאַרפּעסט — אַדי. פּ—

פֿאַרפּעס ~

טיקט. [~פֿאַרפּעסטעט, נר.] 1. ניט־אָנגעשטעקט מיט פּעסט (אויך מיט יעדער אַנדער שווערער קראַנקייט). „נאָר דאָס יִדישע געטאָ איז געבליבן א'". 2. ניט־פֿאַרשמוצט, ניט־פֿאַרעיפּושט; ניט געמאַכט אָפּשטויסיק (פֿיזיש אָדער גײַסטיק). אַן א'ער אינדזל. א'ע יוגנט. ־קייט.

אומסאַרפּראַוועט — אַדי. ניט־געמאַכט פּיקאַנט, ניט־פֿאַרשאַרפֿט דעם טעם מיט געווירצן אע מיטלען. א'ע פּיסנע זופּ. ־ערהייט — אַדוו. א, האָט עס קיין טעם ניט.
אומפֿאַרפּראָטאָקאָלירט — אַדי. ניט־

פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל. אַן א'ער באַשלוס.
־ערהייט — אַדוו. א, אָנערקען איך ניט דעם
באַשלוס.
אומפֿאַרפּראָפּקעוועט — אַדי. סל.
אומפֿאַרקאָרקעוועט. א'ע פֿלעשער.

אומסאַרפּרעסט — אַדי. ניט־פֿאַרפּרעסט. א'ע
קנייטשן פֿון אַ מלבוש. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרפֿאָלגט
אומפֿאַרפֿאָלגט — אַדי. ניט־גערודפֿט; וואָס
קעגן דעם האָט מען ניט דורכגעפֿירט קיין
נגישות. א'ער מיעוט. א'ע העכערע שיכטן.

אומסאַרסאַסט — אַדי. < פֿאַרפֿאַסטן.
ניטגעגעסן פֿאַרן פֿאַסטן, פֿאַר אַ תּענית. א, פֿאַסטן
אַ גאַנצן מעת־לעת. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומסאַרסאַסט — אַדי. < פֿאַרפֿאַסן. ניט־
אָנגעשריבן (וועגן אַ ווערק). א'ער עסיי, שיר.
אומפֿאַרפֿוילט — אַדי. היפּוך פֿון פֿאַרפֿוילט.
פֿאַרקויפֿן די א'ע עפּל. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרפֿולט — אַדי. ניט־געמאַכט פֿול,
קאָמפּלעט; ניט־אָנגעפֿילט ביזן סוף. א'ע גרוב. א'ע
האָפֿענונגען. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
.
אומפֿאַרפֿולקאָמט — אַדי. נר. ← דוווו. "מע
וואָלט דאָס בילד פֿונעם העלד ניט געלאָזן
אומפֿאַרענדיקט, א',,, שנ, ה. לייוויק.
אומפֿאַרפֿולקומט — אַדי. ניט־דערפֿירט צו
שלימות; ניט־פֿאַרבעסערט ביז צו אַ הויכער
מדרגה. א, ווערק. א'ע קאָמפּאָזיציע. ־ערהייט

־ ▯

— אַדוו.
אומסאַרסושט — אַדי. וואָס איז ניט קאַליע

(געמאַכט) געוואָרן (מחמת אומקאָמפּעטענץ);
גוט, געראָטן. אַן א, שטיקל אַרבעט. א'ע
ענדשפּיל. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרפֿײַנערט — אַדי. ניט־געמאַכט פֿײַן
אָדער פֿײַנער. א'ע מכשירים. א'ע מאַנירן.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרפֿילט — אַדי. דזוו אומפֿאַרפֿולט. ,,
בײַגעטראָגן צום געפֿיל פֿון א'ן גליק האָט די...
פּאָליטישע לאַגע פֿון דער ייִדישער
באַפֿעלקערונג,,, ש. וויגאָדאַ, פֿאָר, 28 1963 .I. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.

־

אומסאַרסינצטערט — אַדי. ניט־געמאַכט
פֿינצטער(ער). א, ליכט. א'ע צימערן. ־קייט.

אומסאַרסיקסירט — אַדי. ניט־פֿאַרצייכנט,
ניט־אײַנגעשטעלט אויף געוויס. א'ע תּנאָים פֿון
אָפּמאַך. א'ע פּרײַזן.
אומפֿאַרפֿיקסירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרפֿיקסירן. דינע, א'ע איבערגאַנגען
פֿון געפֿיל קייט.

.

אומפֿאַרפֿירט — אַדי. 1. ניט אַוועקגעפֿירט אויף אַ שלעכטן וועג, ניט־אָפּגענאַרט. א'ער בּחור, א'ע מיידל. 2. וואָס מע האָט ניט אָנגעהויבּן פֿירן. דער א'ער פּראָצעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרפֿירלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרפֿירן. א'ע צניעות. 2. וואָס פֿאַרפֿירט ניט. א'ע אינפֿאָרמאַציע. ־קייט.

אומסאַרסירעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך, לויט דער טבֿע פֿון אַ פֿאַרפֿירער. א'ע אָפֿנקייט ־קייט.

אומפֿאַרפֿלאָכטן — אַדי. ניט־פֿאַרפֿלאָכטן. א'ענע צעפּלעך. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרפֿלאַנצט — אַדי. ניט־פֿאַרפֿלאַנצט אין דער ערד. א'ע בּייטן. א'ע בּוריקעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרפֿלייצט — אַדי. ניט־פֿאַרפֿלייצט בּײַ אַ געוויסער. די א'ע העכערע ערטער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרפֿליכט — אַדי. [מיטן צוגאָב ־עט
דטשמ, נר.] ניט־געטומען אויף זיו און
ניטאַרויפֿגעלייגט אויף אַן אַנדערן (ווי) אַ חובֿ, אַ
התחייבֿות. ניט־מחויבֿדיק, ניט־אָבליגאַטאָריש.
א'ע צאָלונגען. א'ע באַדינגונג. ־ערהייט —
אַדוו. טאָן פֿרײַוויליק, א'. ־קייט.
אומפֿאַרפֿליכטנדיק — אַדי. וואָס לייגט ניט
אַרויף קיין חובֿ, קיין התחייבֿות. א'ע רייד.
־יקייט.
אומפֿאַרפֿלעקט — אַדי. וואָס אויף דעם איז
קיין פֿלעק ניט געוואָרן. א'ע קליידער. א'ע
רעפּוטאַציע. „די פֿרויען מאַכן זיך אַליין דעם טויט,
אום צו רעטן זייער אומשולד, זייערע ריינע, א'ע
זעלן“, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער,
פּעטערבורג 4 1900, No. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרפֿלעקיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט פֿאַרפֿלעקן. א'ע רעפּוטאַציע. אַ נײַער א'ער
שטאָף ־יקייט.
.
אומפֿאַרפֿעדעמט — אַדי. 1. ניט
דורכגעלאָזן דעם פֿאָדעם דורכן לעכל פֿון נאָדל. א'ע
גאַרן. 2 פֿיג. ניט־אָנגעהויבן. אַן א'ע

אונטער.
נעמונג. ־קייט.
אומפֿאַרפֿעלט — אַדי. 1. ניט־דורכגעלאָזט; ניט־איבערגעהיפּערט. ציילן ערלעך, א'. צאָלן א', צום טערמין. 2. ערלעך, פּינקטלעך, אָנטעותדיק. א'ער חשבון. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרפֿעליק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (טאָר) ניט פֿאַרפֿעלן. א'ער טערמין. א'ער צוגאָב. ־יקייט.
אומפֿאַרפֿעלשט — אַדי. ניט־געמאַכט פֿאַלש, אומעכט. א'ע פּאַפּירן. „די קהילות די זיך באַשטרעבן די עכטע ייִדישקייט א, צו ערהאַלטן“, עקיבֿא יוסף שלעזינגעך, עמוד היראה, אונגוואַר 1867. ־ערהייט — אַדוו.

- -

אוממאַרסעסטיקט — אַדי. ניט־געמאַכט פֿעסט(ער). ניט־פֿאַרשטאַרקט, ניט־פֿאַרזיכערט. א'ע שטאָט, פּאָזיציעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרסראָסטיקט — אַדי. ניט־באַווירקט, ניט־געטראָפֿן פֿון פֿראָסט; ניט־פֿאַרצויגן מיט

פֿראָסט. א'ע פֿענצטער־שויבן.
אומפֿאדפֿרוירן — אַדי. פּ— פֿאַרפֿראָרן,
— פּ: ~
לד. ניט־פֿאַרצויגן מיט (אין) אײַז; ניט־
פֿאַרפֿרוירן, ניט־פֿאַרגליווערט. א'ענע טײַכן פֿיג. אַן
.
א, האַרץ. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
.

- -

אומסאַרסרומט — אַדי. ניט־געוואָרן פֿרום
איבער יעדער מאָס. די א'ע שנור אין רבינס
הויף. אַן א'ער מיט קורצע פּאות. ־ערהייט
— אדוו. ־קייט.
אומפֿאַרפֿרײַנדט — אַדי. ניט־געוואָרן קיין
פֿרײַנד. א, מיטן שכן. א'ע קאָלעגן.
אומפֿאַרפֿירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
פֿאַרפֿירן. א, בײַ אַ געוויינלעכן דרוק. א'ע גאַזן.
־קייט.
אומפֿאַרפֿרעמדט — אַדי. ניט (געמאַכט)
געוואָרן פֿרעמד, ניט־היימיש. ווײַטע, אָבער א'ע
קרובים. א'ע חברים פֿון די אַמאָליקע
סטודענ—ע יאָרן. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

טיש .
אומסאַרצאָגט — אַדי. ניט־דערשלאָגן פֿון

אומפאַרצויגן

צרות, זאָרגענישן; אומפֿאַרזאָרגט;
אומפֿאַרטרויערט. ניט־פֿאַרדאגהט, ניט־באַאומרואיקט.
,,דא
זאַך מן די צווין און ור צאגטן מאַן“, בבֿא־בוך,
601. ,,איך בין איַער המן אין דיזן ציַיטן, פֿאַר
מרדכי בין איך און פֿר צאגט,,, ווינץ. ,,קינדר
דיא זאָלן שטאַרק זיַין אונ, זאָלן האבן
אונפֿרצאגטי הערץ צו דעם שטריַיט,,, בראַנט. ־ער—
הייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרצאָלט — אַדי. וואָס פֿאַר דעם האָט
מען ניט געגעבן קיין (אָפּ)צאָל. אַרויסקריגן פֿון
טאַמאָזשנע א'ע סחורה. ס'איז ווערלוועלער, וויַיל
א'. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרצאַמט — אַדי. לד. פּ־
פֿאַר .,
צוימט פֿאַרצאָמט. אוקר. 1. וואָס
. אויך: ~
אַרום דעם איז ניט געמאַכט קיין צוים, פּלויט,

פֿאַרקן, וואַנט אע. א'ע הויפֿן. א'ער גאָרטן.
2. ניט־איַינגעהאַלטן, ניט־קאָנטראָלירט. רעדן
מיט א'ער רציחה. „די א'ע פֿריַיהייט און
אויסגעלאַסנהייט‚„ איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ],
בלעטער, פעטערבורג 5 1900, No. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרצאַמ□יק, ־לעך — אַדי. וואָס מע
קען (דאַרף) ניט פֿאַרצאַמען. א'ע יחידישע
פֿריַיהייטן. ־(י)קייט.

□

אומסאַרצאַפּט — אַדי. ניט־פֿאַרצאַפּט,
ניטפֿאַרגאָסן. א'ער וויַין.

□ □

אומסאַרצאַצקעט — אַדי. אויך: ~
פֿאַרטשאַטשקעט. ניט־געמאַכט, ניט־באַדעקט
מיט צאַצקעס. ניט־פֿאַרפּוצט (איר בייַטעם). א'ע
בלוזקע. א, מעבל. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומסאַרצאָרנט — אַדי. ניט־אַריַינגעבראַכט
אין גרויס כעס. א, נאָך די רדיפֿות און נגישות.

אַן א, שרײַבן וועגן די רשעים ־ערהײט —

.

אַדוו. ־קײט.

▯

אומסאַרצוויטעט — אַדי. סל. ניט־פֿאַרשימלט. א, ברויט.

אומפֿאַרצווײַגט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין סך צווײַגן, אַרויסגעוואַקסענע טײלן. א'ע געוויקסן. אַן א'ע משפּחה. 2. וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין סך מינים; ניט־אויסגעברײטערט דורך אָפּטײלונגען. א'ע פֿירמע. א'ע געשעפֿטן ־קײט.

.

אומפֿאַרצוויפֿלט — אַדי. אומפֿאַריִאושט. וואָס האָט נאָך האָפֿענונג אין אַ שווערער סיטואַציע. צרות אויפֿן פּוד, אָבער א, זוכן אַן אויסוועג. א'ע קעמפֿערס. ־ערהײט — אַדוו. ־קײט.

אומפֿאַרצוויקלט — אַדי. ניט־פֿאַרפּוצט, ניטגעצאַצקעט. א'ע געבעקס. א'ע בלוזקע.

▯

אומסאַרצויבערט — אַדי. דזוו

אומפֿאַרכישופֿט, בּ2. ניט־געפּלעפֿט. א, פֿון שיינקייט. א,
פֿון אַרומיקן לוקסוס. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

▯

אומסאַרצויגן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרצויגן.
א'ענער פֿאָרהאַנג. שויבּן, א, פֿון פֿראָסט.
2. ניט־צונויפֿגעצויגן (מיט אַ שטריק). אַן א'ענער
זאַק. מיט אַן א'ענעם שטריק אַרום האַלדז.
3. ניט־צעצויגן (בּנוגע צײַט). א'ענער משפּט.
4. אומפֿאַרצערטלט. „רוף מיך ניט איטשקעלע,
רוף מיך א, — יצחק„, רייד. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרצוימט

-

אומסאַרצוימט — אַדי. דזוו אומפֿאַרצאַמט.

־קייט.

אומפֿאַרצוימ￼יק, ־לעך — אַדי. דזוו
אומפֿאַרצאַמיק, ־לעך. ־(י)קייט.

אומפֿאַרצוקט — אַדי. 1. וואָס איז ניט
געוואָרן צעריסן און אויפֿגעפּרעסן. ניט־
אומגעבראַכט. אַ מעשׂהלע וועגן אַן א, ציגעלע.
2. דזוו אומפֿאַרציקלט ← ־ערהייט —

.

אַדוו. ־קייט — א, פֿון אונדזער אומה.

אומפֿאַרצוקערט — אַדי. 1. וואָס איז ניט
געוואָרן צו געדיכט, ניט געוואָרן ווי איין
שטיק צוקער. בלויז איין א'ער סלאָי
אײַנגעמאַכטס. 2. ניט־פֿאַרקויפֿט גוט און גיך. פֿאָרן
צוריק פֿון יריד מיט דער א'ער סחורה.

אומפֿאַרציאיק — אַדי. נעאַל. 1. וואָס מע
קען (טאָר) ניט פֿאַרציִען, אָפּלייגן אויף שפּעטער.
א'ער באַשלוס. 2. וואָס מע קען ניט ציִען אין
א זײַט. א'ע פֿאָרהאַנגען ־יקייט.
—

.

￼

אומסאַרציטערט — אַדי. ניט־דורכגענומען
מיט שרעק. א, קוקן דעם טויט אין די אויגן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרצייכנט — אַדי. ניט־פֿאַרנאָטירט, ניט־פֿאַרשריבּן. א'ע חובֿות. א'ע זינד. „מע טאָר... בּפֿירוש נישט דורכלאָזן א, [ד] באמת דרייסטע בּאַמערקונג“, ש. בּיקל, טמז, 30 1964 III.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרציילט — אַדי. 1. דזוו אומדערציילט ←. 2. וואָס איז אָן אַ טעות בּײַם ציילן. א, קליינגעלט. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרצײַלעך — אַדי. דטשמ. נר. אומפֿאַרגעבּלעך. „די שעדלעכסטע און א'סטע אונטערדריקונג פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק“, זשיט , נ"י 1917. „ער מאַכט דאָ און דאָרט פֿאַלשע ... טריט, וואָס זײַנען א, פֿאַר אַ קלוגן סוחר„, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן I. ־קייט.
אומפֿאַרציילעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך פֿון ריכטיקן (אינטערעסאַנטן) פֿאַרציילן. א, זיך אַרײַנלאָזן אין איבּעריקע פּרטים. ־קייט.

אומפֿאַרצינ(עווע)ט — אַדי. אומפֿאַרלייט.
א'ע, לעכערדיקע עמערס.
אומפֿאַרציקלט — אַדי. וואָס איז אָן
איבעריקע דריידלעך (בײַם זינגען, בײַם שרײַבן). א,
געזאַנג. א'ע אותיות.

▯

אומסאַרצירט — אַדי. אומפֿאַרפּוצט. א'ע,
וואָכעדיקע חדרים. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מפֿאַרצי'רלעך — אַדי. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט פֿאַרצירן. אַזוי פּראַכטיק אַז ס'איז
א'. אַ געשליפֿענער, א'ער סטיל. ־קייט.
אומפֿאַרצירעוועט — אַדי. ניט־פֿאַרשטריקט,
ניט־פֿאַרנייט. צעריסענע, א'ע שקאַרפּעטקעס.
־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרצן — אוטוו. פֿאַרץ אום, ~געפֿאַרצט
(~געפֿאָרצן). וואול. אַ לענגערע צײַט, כּסדר
אַרויסברענגען גאַזן פֿון קערפּער דורך דער
אַנאַלער עפֿענונג. א, ווי אַן אַלטער שיכּור.
או'מפֿאַרצע'רט — אַדי. 1. ניט־אויסגעגעבן
אויף צו לעבן. א'ע מיטלען. א'ער
איבערבלײַב. 2. ניט־אויפֿגעגעסן. דאָס א'ע ציגעלע.
־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרצערטלט — אַדי. ניט־צעפּעסטעט, ניט־צעבֿאַלעוועט. געפֿין אַן א'ן בן־יחיד. ־קייט.

אומסאַרצערעוועט — אַדי. דזוו אומפֿאַרצירעוועט ←.

-

אומסאַרצרהט — [...צאָרעט] אַדי. ניט־ באַווירקט, ניט־דערדריקט פֿון צרות. א, פֿון לעצטן אומגליק. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרקאָוועט — אַדי. ניט־פֿאַרשמידט. א'ע טיר צו דער שאַצקאַמער. א'ע פֿערד. פֿיג. ניט־פֿאַרפֿרוירן. אַן א'ער טײַך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט

אומסאַרקאַטשעט — אַדי. ניט־אַרויפֿגערוקט (וועגן אַרבל, פּאָלעס). לאַנגע א'ע פּאָלעס.

אומפֿאַרקאָכט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרענדיקט קאָכן. ניט־אַרײַנגעטאָן עפּעס בײַם קאָכן. קלאָרע א'ע זופּ. 2. ניט־אַרײַנגעטאָן אין עפּעס מיט ברען, התלהבֿות. א'ע, לעפּלעכע אָנהענגערס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרקאַלכט — אַדי. ניט־פֿאַרדעקט, ניטפֿאַרצויגן מיט קאַלך. ניט־געוואָרן ווי קאַלך. א'ע ווענט. א'ע וואַרבלען פֿון חוט־השדרה. — ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרקאַמט — אַדי. 1. ניט־געבראַכט אין אָרדענונג מיט אַ קאַם. א'ע האָר. א'ער קאָפּ. 2. מעט. ניט־איידל; מגושמדיק. א'ע ווילדע יונגען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

▯

אומסאַרקאָפּטשעט — אַדי. ניט־ פֿאַררייכערט. אַן א, גלעזל פֿון אַ קעראָסין־לעמפּל.

אומפֿאַרקאַפּעט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרטריפֿט. זוכן אַן א'ן שטענדער. 2. (גנבֿים־שפּראַך) ניטפֿארשאָטן, ניט־פֿאַרמסרט. ניט אַרויסגעגעבן.

-

-

אומסאַרקאָפּעט — אַדי. סל. אומפֿאַרגראָבן.
א'ע קאַרטאָפֿל אויפֿן ווינטער. געפֿונענע א'ע סעפּ
מיט רענדלעך.

אומסאַרקאָרקעוועט — אַדי. ניט־פֿאַרשטעקט
מיט אַ קאָריק. א'ע פֿלעשער ־ערהייט —
.

אַדון.
אומפֿאַרקוועטשט — אַדי. ניט־פֿאַרדריקט.
אויפֿהייבן דעם א'ן שטאַנג.
אומפֿאַרקויטיקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
קויטיק געמאַכט. אומפֿאַרשמוציקט. א, גרעט.
אַרויסקומען א, פֿון דער גאַנצער מיאוסער
אַפֿערע. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרקוילט — אַדי. וואָס איז ניט געוואָרן
(ווי) קויל. א'ע רעשטלעך האָלץ. ־ערהייט

— אַדוו.

אומפֿאַרקויפֿט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרקויפֿט. א'ע סחורה. טיילן א'ע עליות. „א'ער חמץ נאָך פּסח וואָס איז אָסור בהנאה„, אמד, די אַלטע ליבע ראָסטעט ניכט, ווילנע 1876. 2. ניט־פֿאַרשקלאַפֿט. ניט־קאָרומפּירט. א, צום פּריץ. א'ער ריכטער. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקויפֿלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט פֿאַרקויפֿן. א'ע אַרטיקלען. 2. וואָס מע קען ניט אונטערקויפֿן. א'ע ערלעכקייט. 3. וואָס מע קען ניט אָפּנאַרן, פֿאַרנאַרן. „ער איז ניט קיין יאָלד, ער איז א'„, רייד. ־קייט.

אומפֿאַרקוקט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרקוקט, אַרומגעכאַפּט מיטן בליק. קיין זאַך איז ניט געבליבן א'. 2. דזוו אומפֿאַרזעען ←.

אומפֿאַרקלענערט

אומסאַרקיטעוועט — אַדי. ניט־פֿאַרשמירט

מיט קיט. א'ע שויבּ. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקייטלט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרמאַכט מיט אַ קייטל. ניט קיין בּאַוואָרנטע, א'ע טירן. 2. וואָס קייטלט זיך ניט. אַן א'ער שמועס. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקײַלעכט — אַדי. פּ—
פֿאַרקײַי פּ: ~
לעכ(□)יקט. ניט־געמאַכט קײַלעכ(ד)יק. פּינקטלעכע א'ע ציפֿערן. א'ע בּינטלעך.

אומפֿאַרקילט — אַדי. 1. ניט־געמאַכט קיל(ער). אומפֿאַרפֿרוירן. א'ע דריליע. א'ער זשעלע'. 2. ניט־צוגעקילט. נאָר אַ העלפֿט קינדער זײַנען געבּליבּן א'. ־ערהייט — אַדוו.

□

אומסאַרקימערט — אַדי. אומפֿאַרזאָרגט, אומפֿאַרדאגהט (מיט אָנצוהערעניש אויף טרויע□). ‘‘בּײַ אונדז דרייט זיך דער קאָפּ און נאָר ער גייט אַרום אַן א'ער,,.

אומפֿאַרקירצט — אַדי. 1. ניט־געמאַכט קורץ אָדער קירצער. א, קליידל. א'ע אויסגאַבּע פֿון די ווערק. 2. ניט־פֿאַרקלענערט, ניט־געמינערט. א'ער ווערטערבּוך. א'ע הוצאה. א'ער פּערסאָנאַל.

־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקירצלעך — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף) ניט (פֿאַר)קירצן. א'ער הוצאה־בּודזשעט. *א'ע בּרוכצאָל (למשל 2⁄1). ־קייט.

אומפֿאַרקלאָגט — אַדי. ניט־אָנגעקלאָגט פֿאַר אַ געריכט. א'ער פֿעלשער. א'ע פֿעלשונג. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקלאָגלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט פֿאַרקלאָגן. אומבּאַוויַיזלעך און בּכן אויך א'. ־קייט.

אומפֿאַרקלאַמערט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרפֿעסטיקט מיט קלאַמערן. עס צעפֿליִען זיך די א'ע בּויגנס פּאַפּיר. 2. ניט אַריַינגענומען אין קלאַמערן. א'ע אויסטיַיטשונגען פֿון די שווערע ווערטער. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקלאַפּט — אַדי. גיט־פֿאַרמאַכט מיט אַ קלאַפּ אָדער דורך קלאַפּן. א'ער קאַסטן סחורה. א'ע לאָדנס. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרקלונגען — אַדי. 1. ניט־אויפֿגעהערט קלינגען. א'ע פֿריידיקע קולות. 2. ניט־פֿאַרשטיקט דורך טומל, גערויש. אויסרופֿן פֿון פּראָטעסט, א'ע פֿון דער בּראַוואָ־פּאַטשעריַי. ־קייט.

אומפֿאַרקליידט— אַדי. אומפֿאַרשטעלט דורך

אָנטאָן. מיט מאַסקעס, אָבער א'. ־ערהייט
— אַדוו.
אומ□אַרקליי(ע)ט — אַדי. אומפֿאַרקלעפּט מיט
□

קלײַ. א'ע הילצערנע כּלי. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרקלינגלעך — אַדי. וואָס קען (דאַרף)
ניט פֿאַרקלינגען, אויפֿהערן קלינגען. א'ע ייִדישע
געזאַנגען. ־קייט.
אומפֿאַרקלעמט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרדריקט.
אומפֿאַרקוועטשט. אַרויסכאַפּן די האַנט פֿון
צווישן אַ טיר מיט א'ע פֿינגער. 2.
אומפֿאַרקימערט; וואָס האָט ניט קיין עגמת־נפֿש. א',
אָבער ניט־יום־טובֿדיק. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרקלענערט — אַדי. ניט־געמאַכט
קלענער אָדער קליין. א'ע הוצאות. א'ער פֿאָרמאַט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרקלענערלעך
אומפֿאַרקלענערלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (דאַרף) ניט פֿאַרקלענערן. א'ע אַרמיי. א'ע
הוצאות. ־קייט.
אומפֿאַרקלעפּט — אַדי. ניט־פֿאַרקלעפּט. א'ע

בריוו, פּאַקעטן. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרקלעקט — אַדי. אומפֿאַרפֿלעקט (מיט טינט פֿאַרבּ). א, פּאַפּיר. ־ערהייט — אַדוו.

,

אומפֿאַרקלערט — אַדי. אומפֿאַרטראַכט;
אומפֿאַרחלומט. ער איז אַן א'ער אומר־ועושׂה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרקנאָטן — אַדי. 1. ניט־געמאַכט אָדער ניט־פֿאַרענדיקט מאַכן (אַזוי ווי) טייג. א, טייג. א'ענע ליים. 2. ניט־אַרײַנגעטאָן בּײַם קנעטן. די א'ענע ראָזשינקעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרקנאָכיקט — אַדי. ניט־געוואָרן ווי קנאָכן, בּיין. ווייכע, א'ע וואַרבּלען בּײַם עופֿעלע.
אומפֿאַרקנייטשט — אַדי. ניט־געוואָרן, ניטגעמאַכט מיט קנייטשן. א, פּאַפּיר. א'ע פּנימער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרקניפּט — אַדי. פּפֿ פֿאַרקנופּט.

,

ניט־פֿאַרבּונדן מיט אַ קנופּ. א'ע שנירלעך. א'ע בּאַציאונגען צווישן מענטשן (לענדער) = בּאַציאונגען וואָס האָבּן זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרקניפּלעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט

זיך ניט (מע קען ניט) פֿאַרקניפּן, צונויפֿקניפּן.
א'ע טיילן פֿון חלום. א'ע אידייען פֿון אַ טעאָריע.
—קייט.
אומפֿאַרקנסט — [...קנאַסט] אַדי. ניט־
פֿאַרבונדן דורך תּנאָים; ניט־חתונה־געמאַכט. די
עלטערע א'ע טאָכטער. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿאַרקנעכט(יקט) — אַדי. ניט־געמאַכט
פֿאַר קנעכט. אומאָפּהענגיק; ניט־אונטערגעוואָרפֿן.
זײַן פֿרײַ, א'. די א'ע באַרבאַרן. א'ער גײַסט.
־קייט.
אומפֿאַרקנעפּלט — אַדי. 1. ניט־
צוגעשפּיליעט. גיין צעכראַסטעט, א'. א'ער מאַנטל.
2 פֿיג. ניט אַקוראַט. אָפֿן, פֿרײַ. עקסטראָווערט.
אַן א'ער יונג. „צווישן מענטשן איז ער גלײַך אַ
גוטער־בּדודער, אַן א'ער,„ רייד. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרקעמט — אַדי. דזוו אומפֿאַרקאַמט ←.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
או'מפֿאַרקע'רט — אַדי. ניט־אַוועקגעשאַרט,
ניט אַוועקגערוימט מיסט, שטויב (מיט אַ בעזעם,
באַרשט אע). אָפּגעלאָזענע, א'ע שסובּן ־
ער.

הייט — אַדוו. לאָזן די שטובֿ א'.
אומפֿאַרקערפּערט — אַדי. ניט־אויסגעדריקט, ניט־אויסגעפֿורעמט ווי אַ קערפּער; ניט־פֿאַרווירקלעכט; ניט־פֿאַרגעשטאַלטיקט. א'ע אידייען, האָפֿענונגען. א'ער פּלאַן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרקערפּערלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט (לאָזט זיך ניט) פֿאַרקערפּערן. אוטאָפּיסטישע, א'ע אידייען. אַן א'ע אַבסטראַקציע. ־קייט.
אומפֿאַרקר▯מט — אַדי. ניט (געמאַכט) געוואָרן קרום, פֿאַרדרייט, צעדרייט. „איין קלאַס

חלומות וואָס זײַנען א'", מוו איבֿז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז ־ערהייט —
.

אַדוו.
אומפֿאַרקרימלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרקרימען. קלאָרע, פּשוטע און א'ע רייד. ־קייט.
אומפֿאַרקריפּלט — אַדי. ניט־געוואָרן מיט

אַ מום; ניט־צעקרימט; ניט־צעדרייט. א'ע מלחמהוועטעראַנען. האָבן אַ גלײַכן, אַן א'ן קאָפּ. א, פֿון דער שלעכטער דערציאונג. „דער ערשטער, א'ער בּאַריכט“, ש. ל. שנײַדערמאַן, טמז, 11 1964 I ‎I. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרקרענקט — אַדי. ניט־אויסגעגעבּן, ני געפּטרט איבּער קראַנקייט. א'ע— .עזערוון.

-

אומסאַרראָטן — אַדי. פּפֿ: ~פֿאַרראַטן [דטשמ, אָפּט געניצט, נר]. וואָס מע האָט אין דעם ניט בּוגד געווען. א'ענער בּונט. א'ענע שבֿועה. א'ענע חבֿרים. ־קייט.

אומסאַרראָסט — אַדי. אומפֿאַרזשאַווערט. ניט־בּאַדעקט מיט ראָסט. א'ע רערן ־קייט.

.

אומפֿאַררויטלט — אַדי. ניט־געמאַכט אָדער ניט־געוואָרן רויט(ער), רויטלעך. א'ע בּאַקן. א'ע בּלעטער. פֿרגל ~פֿאַררייטלט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַררויכערט — אַדי. ניט־פֿאַרדעקט מיט רויך. דער א'ער טייל פֿון סופֿיט. פֿרגל ~ פֿאַררייכערט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַררונדיקט — אַדי. ניט־געמאַכט רונד(יק), קײַלעכדיק. א'ע פֿיגורן, ליניעס. א'ע ציפֿערן ־קייט.

.

אומפֿאַררופֿן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבעטן. א'ענע געסט. 2. ניט־געמאָלדן, ניט גוט אָרגאַניזירט. א'ענע אַסיפֿ. א'ענע וואַלן. 3. וואָס איז אָן אַ שלעכטן נאָמען. „טאַקע אַן א'ענער, נאָר סתּם אַ גאָרנישט„, רייד ־ערהייט — אַדוו (בּבּ

.

2 1). ־קייט.

-

אומסאַררוקט — אַדי. 1. ניט־פֿאַררוקט. א'ער טשאָלנט. 2. ניט געמאַכט מע זאָל ניט באַמערקן דורך רוקן אין אַ זײַט. די בּכיוון א'ע קאָמפּראָמיטירגדיקע מאַטעריאַלן. ־ערהייט

— אָדוו.
אומפֿאַרריבֿן — אַדי. 1. ניט־געמאַכט אומקאָנטיק
2. פֿיג. וואָס איז געבֿליבֿן קאָנטיק;
דורך רײַבֿן, מעקן, ווישן. א'ענע סליאַדן, צייכנס.
וואָס מע האָט ניט געקענט בטל מאַכן (אָנצוהערעניש: מיט אומכּשרע מיטלען). א'ענער פּראָצעס. א'ענע באַשולדיקונג. א'ענע אַלטע עבֿירות.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרריגלט — אַדי. ניט־פֿאַרמאַכט מיט אַ ריגל. א'ע טיר. ־ערהייט— אַדוו ־קייט.
.
אומפֿאַררײַבֿלעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט זיך ניט (מע קען ניט) פֿאַררײַבֿן. א'ע סימנים. א'ע באַשולדיקונג. ־קייט.
אומפֿאַררייטלט — אַדי. 1. ניט־געוואָרן רויט אויפֿן פּנים. ענטפֿערן מיט אַ שמייכל פֿון פֿאַרלעגנהייט, אָבֿער א'. 2. דזוו אומפֿאַררויטלט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — די א, איז אַ סימן פֿון חוצפּה.

-

אומסאַררייכערט — אַדי. 1. ניט־אָנגעצונדן
כּדי צו רייכערן. די א'ע ליולקע, א'ער פּאַפּיראָס.

אומפֿאַרשאָלטן

2. דזוו אומפֿאַררויכערט. וויַסע א'ע ווענט.
־ערהייט — אַדוו. „און פּיפּקעט דערוויַל דעם
ציבּיק אַזוי א„,, ייִל, ניט טויט, ניט לעבּעדיק.
־קייט.
אומפֿאַרריכט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבּעסערט,
ניט־געבּראַכט אין אָרדענונג (עס זאָל פֿונקציאָ.,
נירן). ניט־פֿאַרלאַטעט א'ע אַרבּעט. א'ע מאַשין.
א'ער מלבּוש. א'ע סיטואַציע. 2. גיט־
דורכגעפֿירט, ניט־רעאַליזירט. „איר זאָלט דאשׂ ניט טאָן,
דאז מיר זאלטן איין היים ציהן בּייא אונזרן
קיניג דוד, אונ, דאשׂ זונדר און פֿר ריכטן זאַך“,
מבּ, מעשׂה קמ„ה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט
— אַן א, וואָס שרײַט אַרויס.

-

אומסאָרריכטבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דווו. ־קייט.
אומפֿאַרריכטלעך — אַדי. נעאַל. וואַס מע

קען ניט (מער) פֿאַרריכטן. א'ער טעות, פֿעלער.
־קייט.

אומסאַרריסן — אַדי. 1. ניט־געמאַכט קאַליע
מיט רײַסן. א'ענער לאַנגער פּאַס לײַוונט.
2. ניט־אָנגעהויבן רײַסן, ווי טאָן איבער אייטער
איז אַ וואונד. א'ענער פֿינגער. 3. ניט־גאווהדיק.
אַ נגיד, אָבער אַן א'ענער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומסאַררעגיסטרירט — אַדי.
אומפֿאַרצייכנט, אומפֿאַרשריבן אין אַ רשימה. א'ע
אַרבעטסלאָזע. א'ע וואָלונטירן. א'ע ערד־ציטערנישן.
־

אומסאַררעגנט — אַדי. ניט־פֿאַרנעצט פֿון
רעגן. קומען אַהיים אַן א'ער. ־ערהייט —
אַדוו.

אומפּאַררעדט — אַדי. ניט־אָפּגעשאַפֿן דורך

רעדן, איינרעדן, דורך מאַגישע ווערטער. א'ע
עקשנות. א'ער צאָנווייטיק.

-

אומסאַררעטעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
בײ אַ פֿאַררעטער. ניט־פֿאַלש, געטרײַ, לאָיאַל.
י
בלייבן פֿעסט און א, און ניט אַרויסגעבן די
פֿרײַנד ־קייט.

.

-

אומסאַררעכנט— אַדי. ניט אַרײַנגענומען אין
-
חשבון. א'ע הוצאות פֿון טראַנספּאָרטירן.
־קייט.
או'מפֿאַרשאַ'ט — אַדי. ניט־געבראַכט קיין
שאָדן דעם געזונט. א'ע אַנטיביִאָטישע מעדיצינען.

אומפּאַרשאָטן — אַדי. ניט־פֿאַרדעקט,
ניטפֿאַרפֿולט מיט ערד, זאַמד אע. א'ענע גריבער,
קבֿרים. א'ענער הרוג. „איבערלאָזנדיק אויף

וויטער דעם א'ענעם תּהום צווישן ייִדן און
קריסטן?,,, מ. גינזבורג, קענאָ, 19 1964 I.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — די
אומפֿאַרדעקטקייט, די א, פֿון פֿילמיליאָניקן נאַצישן
פֿאַרברעכן.

אומפֿאַרשאָטנט — אַדי. 1. ניט־באַדעקט
מיט שאָטן. א'ע פּלעצער. 2. ניט־פֿאַרשטעלט.
ניט־איגנאָרירט. יונגע, אָבער א'ע אָנפֿירערס.
א'ע דורכפֿאַלן.

-

אומסאַרשאַכערט — אַדי. ניט־פֿאַרקויפֿט
(נאַריש, איליק, וואָלוול). ניט־צעפּטרט. ,,אַ גליק,
ס'איז געבליבן אַ ביסל א'ע סחורה", רייד.
א'ער טייל ירושה.
אומפֿאַרשאָלטן — אַדי. אומבאַווירקט פֿון אַ
קללה. מיר, דאָס א'ענע פֿאָלק. ־קייט.

-

אומפֿאַרשאָנקען
אומפֿאַרשאָנקען — אַדי. 1. ניט־געשאָנקען

(מיט אַ בּאַרעכטיקטן אָדער אומבּאַרעכטיקטן צוועק). א, געלט. א'ע בּיכער. 2. ניט־פֿאַרגעבּן. וואָס מע האָט ניט מוחל געווען. א'ע קריוודעס.

אומפֿאַרשאַפֿט — אַדי. וואָס איז געקומען (געוואָרן) אָן עמעצנס אַרבּעט אָדער כּוונה. א'ע לײַדן. א'ע און אומפֿאָרויסגעזעענע שוועריקייטן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

□

אומסאַרשאָרט — אַדי. אומפֿאַררוקט אין אַ זײַט. א, מיסט אין מיטן שטוב. ־ערהייט — אַדןו.

אומפֿאַרשאַרפֿט — אַדי. ניט־געמאַכט שאַרף (שאַרפֿער). א'ער מכשיר. א'ע בּאַציאונגען.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשוואַנגערט — אַדי. ניט־געמאַכט, ניט־געוואָרן שוואַנגער, טראָגעדיק. א'ע פֿרויען.

אומפֿאַרשוואַרצט — אַדי. ניט־געמאַכט שוואַרץ. די א'ע רעפּוטאַציע ־ערהייט —

.

אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשוויגן — אַדי. 1. וואָס איז ניט געבּליבּן פֿאַרשוויגן, וואָס מע האָט אויף דעם

רעאַגירט. א'ענע פּעטיציעס. א'ענעד פּראָטעסט.
2. ניט־פֿאַרגעסן; ניט־פֿאַרגעבן. א'ענע עוולות.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרשווינדבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דוונו. „איבערגעלאָזט זײַן פֿאָלק אַן אוצר פֿון
א'ע פֿערזן„, טמז, 30 1963 I ־קייט.
.
אומפֿאַרשווינדיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען
ניט פֿאַרשווינדן. א'ע יסודות. א'ע מאַטעריע.
־יקייט.
אומפֿאַרשווינדלט — אַדי. ניט־געפּטרט דורך
אַ שווינדל. אייגן א, געלט.
אומפֿאַרשווינדניק — אַדי. וואָס
פֿאַרשווינדט ניט. „די אַבסאָלוטע עלעמענטן זענען
אומאָפּהענגיק פֿון די אומשטאַנדן...און א, אין
זייער כּמות און איכות„, גוטנ.
אומפֿאַרשוועכט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
מחלל געווען. ניט־פֿאַראומווערדיקט. א'ע
הייליקייט. ־קייט.
אומפֿאַרשוועכלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען (דאַרף, טאָר) ניט פֿאַרשוועכן.
אידעאַליסטישע, לויטערע, א'ע מאָטיוון. ־קייט.
אומפֿאַרשווענדט — אַדי. ניט־געפּטרט אויף
אַן אומווערדיקן צוועק אָדער אופֿן. א'ע אוצרות.

א'ע ענערגיע.

אומפֿאַרשוועדעריש — אַדי. וואָס איז ניט אין שטייגער פֿון אַ פֿאַרשוועדער. מאַכן א'ע הוצאות. ־קייט.

אומפֿאַרשווערט — אַדי. ניט־געמאַכט שווער(ער). א'ע באַדינגונגען.

אומפֿאַרשווערעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך פֿון אַ פֿאַרשווערער. א, אויספּלאַפּלען די סודות.

אומפֿאַרשוימט — אַדי. וואָס איז אָן אַ שוים. „נעם אום פֿר שוימטן הוניק דרייא ליטרת„, ר, משה רופֿא מק„ק מעזריטש סמוך לבריסק, ירושת משה, [ווילהרמרשדאָרף?] 1677.

אומפֿאַרשולדיקט — אַדי. וואָס איז אָן אַ שולד (זינד, חובֿ). „געווען פֿאַרשולדיקט ביז

איבערן קאָפּ. איצט ריין, א'“, רייד. „בחינם, בלא דבֿר = אומזיסט, א'„, ייִפֿאַ, 1938, 3.

„א'ע לײַדן. נו, און פֿאַרשולדיקטע! ווען איינער איז שולדיק — וואָס דעמאָלט?„, קאָר I. ־ ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרשטאָכן — אַדי. ניט־פֿאַרשטאָכן דורך
עפּעס שטעכעדיקס. א'ענע פּיס. ־ערהייט —
אַדוו. אַרויסקומען פֿון צווישן דערנער א,.

▯

אומסאַרשטאַנד — דער, ־ן. ווייניק
פֿאַרשטאַנד אָדער דאָס פֿעלן פֿון פֿאַרשטאַנד. טאָן אַ
זאַך מיט א', אָן קאָפּ. ,,ווען אבר זולכישׂ פֿון
און פֿרשטענדיגי לײַט אודר ווײַבר גרעט ווערט,
טון זיא זולכישׂ אוישׂ און פֿר שטאַנד...,,, אליעזר
זוסמן רודלסוס, יודשער טרייאק, אַמשט 1737.
,,...אוי וויא צו זעלכי לײַט דיא דא זעלכי אום
פֿר שטאַנד האבן אונ גאַר פֿרעמדי דעות,,,
משה אײַזענשטאַט [איבּז], דרך הישר לאבֿן בּוחן,
[אָרט?] 1746. ,,אויבֿ זי, די זידלערײַ, קומט פֿון
א, בּין איך מענטש געגוג זי צו בּאַדויערן“,
ווינטש I, נ"י, 1920. ,,א, פֿאַר דער עצם זאַך,
אַפֿילו בּײַ פּעדאַגאָגן,,, נש פֿגעז, ווילנע 1923,

—
,
.No 7
אומפֿאַרשטאַנדיק — אַדי. פּ־
פֿאַר II..,
שטענדיק. 1. וואָס האָט ניט גענוג
פֿאַרשטאַנד. אָנשׂכלדיק, טעמפּ. ,,איך וועל דיר צײַגן
דאָס [ער] איז ניט קיין נידערטרעכטיקער,
זאָנדערן אַן א'ער,,, יעקבֿ ראַווינסקי, דער פֿאַלשער
שולד־בּריעף, וואַרשע 1885. ״מבֿולבּל האָט מען
פֿאַרשטעקט די קעפּ פֿאַר דעם געבּייזער, א,
נאָכגעקלערט די רייד, ווינציק פֿון דעם
פֿאַרשטאַנען״, אָקרוטני, טמז, 2 .1 l953 III. וואָס
איז גאָר אָן פֿאַרשטיין, אָן זינען. א'ע מעשׂים.
,,האָט ער געוואָרפֿן אַן א'ן בּליק אויף אַלע
מענטשן און איז געפֿאַלן אין אוממאַכט,,, יעקבֿ
ראַווינסקי, דער פֿאַלשער שולד־בּריעף, וואַרשע
1885. 3. ניט־געלערנט; אומוויסנדיק,
עמהארציש. א'ע לײַט. ,,און מײַן כּוונה איז מיט
דעם ספֿר קלוג צו מאַכן און אויפֿוועקן די א'ע״,
חה, 53. 4. וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרשטיין.
מיסטעריעז, סודותדיק. א'ער שפּרוך. ,,אַ סך מאָל
איז פֿאַר מיר שרײַבּן אַ ליד דאָס א'ע, כּמעט אַ
רעטעניש״, אפֿא, וואַך איז דעך סטעפּ.
אומפֿאַרשטאַנדיקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומפֿאַרשטאַנדיק. „ער האָט געקערצט אין גאָטס דינסט
מיט זײַן א'", חה, ח„בֿ 51. „ער הט גשטריטן
קיגן דיר דורך זײַן אונ'פֿרשטאַנדיקייט„, יוסיפֿון,
אַמשט 1743.

אומפֿאַרשטאַנען — אַדי. וואָס מע האָט ניט
פֿאַרשטאַנען, ניט באַנומען. א'ע רייד. „וועט זי
בלײַבן א, פֿאַר דעם וואָס...", זשיט. „מהות פֿון
מענטשלעכן זײַן, וועלכער איז געווען
אומדערזען, א, אין דעם לעבנס־געווירבל„, מ. גראָסמאַן,
היימיש, אָקט, 1961. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשטאָפּט — אַדי. ניט־פֿאַרשטאָפּט.
דערווינט בלאָזט דורך די א'ע שפּאַלטן. א'ע
פֿלאַש. 2. ניט־פֿאַרצירעוועט, ניט־פֿאַרשטריקט.
א'ע שקאַרפּעטקעס. 3. וואָס לײַדט ניט אויף
עצירות. „איצט בין איך שוין א'„, רייד.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

□

אומ□אַרשטייעניש

אומסאַרשטאַרט — אַדי. וואָס איז ניט
געמאַכט (ניט געוואָרן) שטאַר, האַרט,
אומבאַוועגלעך (פֿון קעלט פֿון שרעק).
דורכגע,
פֿראָרן, אָבער מיט א'ע פּיס פּיג. אַן א, האַרץ.
.
־קייט.

אומסאַרשטאַרקט — אַדי. ניט־געמאַכט
שטאַרק(ער). א'ע פֿאַרטיידיקונג־כּוחות ־
ער.
הייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרשטוביקט — אַדי. וואָס איז ניט
געמאַכט געוואָרן שטוביק. א'ע חיות. פֿרגל
~פֿאַרהיימישט.

-

אומסאַרשטויבט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרדעקט מיט שטויב. א'ע פּאָליצעס, בּיכער. 2. פֿיג. ניטפֿאַרעלטערט, ניט אָפּגעלעבּט. א'ע געדאַנקען.

-

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשטויסלעך

— אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף, טאָר) ניט פֿאַרשטויסן. א'ע מיטקעמפֿערס. ־קייט.

-

אומסאַרשטויסן — אַדי. אומפֿאַרשטופּט. ניטפֿאַררוקט, ניט־פֿאַרטריבּן אין אַ זײַט. א'ענע צווייטראַנגיקע טאַלאַנטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרשטומט — אַדי. ניט געמאַכט (ניט געוואָרן) שטום. א'ער פּראָטעסט. א'ער נבֿיא. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אומסאַרשטומפּיקט — אַדי. ניט־געמאַכט שטומפּ(יק). א'ע כּלי־משחית.

אומסאַרשטונקען — אַדי. וואָס גיט ניט
אַרויס קיין שלעכטן ריח (ווײַל ניט־פֿאַרדאָרבן,
ניט־קאַליע געוואָרן). א'ע אייער. ניט קיין פֿרישע,
אָבער א'ע פּראָדוקטן.

-

אומפֿאַרשטופּט — אַדי. אומפֿאַרשטויסן,
אומפֿאַררוקט. א'ע רומל־סחורה. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

-

אומסאַרשטייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען
ניט פֿאַרשטיין. א'ע אָנהענגערס, קריטיקערס.
־יקייט.
אומפֿאַרשטיילעך
— אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט פֿאַרשטיין. א'ע רעטענישן. „מיר קענען
ניט וויסן וואָס די אַלץ־אַרומגעמענדיקע און א'ע

קראַפֿט וויל פֿון אונדז,,, א. אַלמי, אין גערעָנגל
פֿון אידייען, בֿ,,א 1957 ־קייט.

-

אומסאַרשטיין — דאָס. מצ נבֿ. דאָס
ניטפֿאַרשטיין, דאָס ניט־ריכטיקע פֿאַרשטיין. ,,עס
איז נישט זיכער, אַז...מע קאָן אָט די ערגערניש
פֿון א, אויסמײַדן,,, ש. ביקל, טמז, 20 1964 III.
אומפֿאַרשטיינ(ער)ט — אַדי. 1. ניט־
געוואָרן אַזוי ווי שטיין. פֿאַרשטיינערטע און א'ע
רעשטן. 2. ניט־פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיינער. ,,עס
קומט אים סקילה, אָבער אַ חוצפּהדיקער, אַן
א'ער לאַכט ער זיך אויס,,. ־קייט.
אומפֿאַרשטייענדיק — אַדי. וואָס פֿאַרשטייט
ניט. א'ע צוהערערס.
אומפֿאַרשטייעניש — דאָס (די), ־ן.
אומפֿאַרשטענדעניש. דאָס ניט־ריכטיקע, טעותדיקע
פֿאַרשטיין. ,,די אַקטיאָרן...האָבן געפֿילט, אַז עס
קומט פֿאָר אַן א,,,, מוק, טעאַטער און ייִדיש
טעאַטער. ,,[ד] אינסטרוקציעס [האָבן]
אַרויסגערופֿן א'ן“, ייִבֿל XXI, ז, 263.

אומפֿאַרשטייעריש

אומסאַרשטייעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
בײַ א פֿאַרשטייער. א'ע קלאָץ־קשיות ־קייט.

אומסאַרשטײַסט — אַדי. ניט־געמאַכט שטײַף
(שטײַפֿער). א'ער קנופּ. א'ע מאַנזשעטן ־
ער.
הייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרשטיקט — אַדי. ניט־פֿאַרשטיקט.

ניט־דערדריקט (מע זאָל ניט הערן). א'ע קולות, געשרייען. א'ע עוולות. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאָרשטעלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען זיך ניט פֿאָרשטעלן. אומפֿאָרשטעליק. „די א'ע באַדינגונגען פֿון מענטשלעכער עקסיסטענץ“, ישעיה טרונק, צוק, אַפּריל 1963.

אומפֿאַרשטעלט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרמאַכט, ניט־פֿאַרשפּאַרט. אַ רינענדיק, א, וואַסערל. 2. ניט־פֿאַרשטעלט. א, פֿון פּאַראַוואַן. א, פֿאַר זײַטיקע. א'ע בעטן. 3. אומפֿאַרמאַסקירט. ניטפֿאַרגרימירט. א'ע רשעות. 4. אויפֿריכטיק, אָפֿנהאַרציק. ליבּ האָבן א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

או'מפֿאַרשטע'ליק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט פֿאַרשטעלן, באַהאַלטן, פֿאַרהוילן. א'ע חסרונות. ־יקייט.

או'מפֿאָ'רשטעליק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט (זיך) פֿאָרשטעלן. א'ע סימבאָלישע דראַמע. א'ע אַכזריותן ־יקייט.

.

אומפֿאַרשטעמפּלט — אַדי. ניט־פֿאַרמאַכט מיט אַ שטעמפּל. ניט־פֿאַרזיגלט, ניט־פֿאַרחתמעט. א'ע בריוו, פּאַקעטן אע. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.

אומפֿאַרשטענדיק — אַדי. דזוו

אומפֿאַרשטאַנדיק. „און פֿר שטענדיגי לייט„, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, ה, 4. „איך אביר, איך און פֿאַר שטענדיגי, האבי ניט גיוואושׂט“, גה, 192. „אָפֿט קומט איין אום פֿר שטענדיגר מענש אונ, וויל דעם חכם זײַן ספֿר שענדין“, כי 'ספֿר באר שבֿע, פֿון ר, בער אייבעשיץ, 1742? [צינ I]. „בייא דען אום פֿר שטענדיג פֿאָלק“, משה אײַזענשטאַט [איבז], דרך הישר לאבֿן בוחן, [אָרט?] 1746. „איך, א'ער מענטש, ווי האָב איך געקאָנט מײַנע אָרעמע עלטערן אַזוי באַטריבן און מצער זײַן“, ראַבינזאָן קראוזע, וואַרשע 1874. ־יקייט — „אַן אומגליקלעכער צופֿאַל, די א'“, אַבֿיגדור ברכיה רוף איבז, רינאַלדאָ רינאַלדיני, וואַרשע 1865.

אומפֿאַרשטענדלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט פֿאַרשטיין. אומבאַנעמלעך. „ניוטאָנס גרויסער, איינפֿאַכער און דאָך א'ער געזעץ פֿון צוציאונגס־קראַפֿט“, גוטנ. „אַן דען אורטן וואו עשׂ אים פּנים [= אינעווייניק אין טעקסט] טונקל אונ, אונבֿורשטענטליך גיוועזין איז„, יוסיפֿון,

הקדמה, אַמשט 1661. „דאָס א'ע מאַך נאָענט מיר, מײַן גאָט“, רחל קאָרן, פֿון יענער זײַט ליד.
2. חידושדיק. סודותדיק. „יעדער וואָרט וואָס ר אַהרן האָט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל...איז אים
,

געווען אַזוי נײַ און א'“, ספּ, סודות. „א, איז... די אונטערטעניקייט פֿון דעם ייִדישן דאָרף צו דער שטאָט“, קאָר II.
3. וואָס האָט ניט קייו זינען. „אויף דעם פּסוק מעגסטו דרשנען וואָס עס וועט דיר אַרײַנקומען אין מויל אַרײַן. דײַנע ווערטער מעגן זײַן א',

זיי וועלן אַלע דענקען אַז דו זאָגסט סתרי־תּורה“, ריבֿ״ל, די הפֿקר־וועלט, וואַרשע תרס״ב. „דער פֿאַרצײַטישער זנאַכער האָט געהאַט אַן א'ע שפּראַך“, ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. „אַן אולטראַמאָדערנע דראַמע: מענטשן האָבן... דעקלאַמירט עמעס א'ס“, מוק, מײַנע באַגעגענישן. „הער איך מײַן שכן רעדן פֿון שלאָף קלאַנגען דומפּע, א'ע ווי פֿון קבֿר אַרויס“, ר. זשיכלינסקי.
אומפֿאַרשטענדלעכקייט — די (דאָס), ־ן.

אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפֿאַרשטענדלעך. „אָ פֿינצטערע אומענדלעכקייט!
—
,
/ אָ, שטומע א, / בלײַבט אומזיסט מײַן דענקען גאָר?“, מר I, נ״י 1908. „דער יונגערמאַן האָט...געקוקט אויף אים מיט אַן א'“, ווײַס I, 'איינער אַ מענטש'. „לאָז מיר וויסן דײַנע וועגן — איז משה מתפּלל. ער זעט סתּירות, א', צדיק ורע לו, רשע וטובֿ לו,„ ה. זײַדמאַן, טמז, 29 1 19 IX.

אומסאַרשטענדעניש — דאָס (די), ־ן.
אַנשטאָט אומפֿאַרשטייעניש ←. ימ, 1936. [“פֿון 'מיספֿערשטענדניס, איז געוואָרן מיספֿאַרשטענדעניש, ס'איז געווען אַ פּרוּוו 'אומפֿאַרשטייעניש,
און עס נעמט זיך אָן א'“, ימ, ייִשפּ 2 ,III X.]
„דאָך טרעפֿן זיך הײַנט בײַ ייִדישע אַרבעטער... פֿאַרשיידענע שפּראַכלעכע פֿעלערן און גרײַזן, א'ן און קוריאָזן“, ח. ש. קאַזדאַן, ייִפֿאַ, 1938, 1.

,,אַ גאַליצאַנער איז געקומען קיין אונגערן און
י
איבער א'ן אין שפּראַך איז ער כסדר אַרײַנגעפֿאַלן
אין קאָמישע סיטואַציעס“, ר, חיים ליבערמאַן,
ייִשפּ 2 ,) II.

-

אומסאַרשטעקט — אַדי. אומפֿאַררוקט.
ניטפֿאַרבאַהאַלטן. א'ע, הגם ניט קיין כשרע סחורה.
־ערהייט — אַדוו. א', פֿאַר אַלעמען אין די
אויגן.

-

אומסאַרשטערט ——. אַדי. וואָס איז אָן אַ
שטער(ונג). א'ער יום־טדבֿ. א'ע פֿרייד, שׂמחה אע.
א, זאָל עס דיר זײַן — בײַם ווינטשעווען.
־ערהייט אַדוו. ־קייט.

אומסאַרשטראָכן — אַדי. ניט־אויסגעמעקט
דורך שטרײַכן. א'ענע גרײַזן. זעצן נאָר דעם

א'ענעם טעקסט.

אומפֿאַרשטריכלט — אַדי. וואָס איז ניט באַדעקט (ניט געמאַכט) מיט שטריכלעך. אַן א'ער בויגן פּאַפּיר.

אומפֿאַרשיידן — אַדי. פּפֿ פֿאַרשידן.

,־

וואָס איז ניט פֿון אַ סך סאָרטן, מינים. אָנגעפּאַקטע פּאָליצעס, אָבער מיט א'ענער סחורה. „די דערקענונג...וואָס קען נאָר געבן בבחינת אומבאַגרענעצט און א'„ מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. ־קייט.

אומפֿאַרשײַט — אַדי. ניט־פֿאַרשײַט; ניטצעלאָזן. ניט־אַרויסרופֿעדיש. א'ע רייד. א'ע בליקן. „אַ לעבעדיק געפֿיל וואַרעמט א, און עכט זײַנע בילדער“, ש. בעליס־לעגיס, [אַרײַנפֿיר, רפֿאל כוואָלעס, אַלבאָם, וואַרשע 1963] ־קייט.

.

אומסאַרשײַנט — אַדי. 1. וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט שײַנען. די ווײַטע א'ע שטערן.

2. ניט־איבערגעשטיגן אין שײַנען. אָן צירונג, אָן שמינקע — און א, פֿון די רײַכע דאַמען.

אומסאַרשיבורט — אַדי. ניט־געוואָרן שיכור. א, פֿון גדויסן דערפֿאָלג. ־קייט.

אומפֿאַרשמאָלצז

אומפֿאַדשימלט — אַדי. 1. ניט־באַדעקט מיט שימל. א, ברויט. 2. פֿיג. ניט־אָפּגעלעבט, ניטרעאַקציאָנער. א'ע אידייען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומסאַרשיסרירט — אַדי. ניט־פֿאַרשטעלט מיט אַ געהיימשריפֿט. שיקן א'ע דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן.

אוממאַרשיקט — אַדי. ניט־פֿאַרטריבן דורך אַ מאַכט (ווי אַ שטראָף). לעבן אין סיביר א',

פֿון אייגענעם ווילן ־ערהייט — אַדוו.

.

אומפֿאַרשלאָגן — אדי. 1. אומפֿאַרקלאַפּט ←.
2. וואָס איז ריין אין קאָליר, אָן צומיש פֿון אַ צווייטן קאָליר. א, וויס. „איר ווילט אַן א'ענעם קאָליר פֿאַר די ווענט?“.
3. וואָס איז אָן אַ צומיש. א'ענער שטשאַוו (אָן סמעטענע, אָן אַן איי).
4. אומפֿאַרשטויסן (וועגן כאַראַקטער). אַ פֿריילעכע, אַן א'ענע יתומה.
5. ניט אַרויסגעשטויסן פֿון אַן אַנדער ריח.

־

א'ענע דומפיקייט. ־ערהייט — אדוו.
־קייט.

אומפֿאַרשלאָסן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרמאַכט
2. אָפֿן, ניט־פֿאַרבאָרגן. אַן א'ענע נאַטור.
מיט (אויף) אַ שלאָס. א'ענער חדר. א'ענע טיר.

▯

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשלאָפֿן — אַדי. 1. ניט־געגנייגט צום שלאָפֿן. א, אין מיטן נאַכט. 2. אויפֿנעם־גרייט;

גרייט צו נײַסן. ניט־פּאַסיוו. „די א'ענע
אימיגראַנטן האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט„. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

.

אומפֿאַרשלומט — [...שאָלעמט] אַדי. נעאָל.
וואָס איז אָן שלום, ניט שלום געמאַכט. „אין
דעם א'ן געראַנגל פֿון כוואַליע און פֿעלדזן,
שטורעם און דעמב“, ברידער גאָרדין, די
טריאומפֿעדיע, ווילנע 1914.
אומפֿאַרשלומפּערט — אַדי. וואָס איז אָן אַ
— לייערט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרדעקט
שלומפּער. אַן אַלטע, אָבער א'ע קאַפּאָטע.
אומסאַרש

מיט אַ שלייעד. אַן א, פּנים. „די א ע אָפֿנקייט„,
מוו, היטלערס פּראָפֿעסאַרן. 2. אָפֿן, קלאָר.
ניטמטושטש. „דער געזעץ דריקט אויס גאַנץ א, די
אומגערעכטיקייט קעגן די פֿאַרפֿירטע“, ב.
פֿײַגענבוים איבז, בעבעל, די פֿרוי און דער
סאָציאַעלטערע א'ע טאָכטער ־ערהיי מאַכט. אַן

.

— אַדוו.
ליזם, נ“י 1911. 3. ניט־חתונה־ג

־קייט.

אומפֿאַרשלעפּט — אַדי. 1. ניט

אַוועקגעפֿירט (קעגן ווילן) אין אַ זײַט, אין דער ווײַט. אַן א'ער פּליט. 2. ניט־אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. אַן א'ער באַשלוס. תּיכּפֿדיקע א'ע מאָסמיטלען קעגן די אומרוען. ־ערהייט — אַדוו.
־

אומסאַרשמאַכט — אַדי. ניט־אָפּגעשוואַכט (פֿון הונגער, דאָרשט, ווייטיקן). א, נאָכן לאַנגן תּענית. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרשמאָלצן — אַדי. 1. ניט־באַדעקט, ניט־פֿאַראומרייניקט מיט עפּעס פֿעטס. א'ענע כּלי. אַ יום־טובֿדיקע א'ענע קאַפּאָטע. 2. וואָס אין דעם איז ניט אַרײַנגעטאָן קיין פֿעטס (בײַם קאָכן). א'ענע קאַרטאָפֿל. 3. ניט־פֿאַרלייט; ניטפֿאַרגאָסן (מיט אַ צעלאָזענעם מעטאַל אע צו מאַכן גאַנץ). אַן איבערגעבראָכן און א, ליכטל.

אומפֿאַרשמוצ(יק)ט

4. ניט־צונויפֿגעוואַקסן. ניט־צונויפֿגעחבֿרט. א'ענע אין (מיט) אַ סבֿיבֿה. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרשמוצ(יק)ט — אַדי. 1. ניט־

באַדעקט מיט שמוץ. אומפֿאַרבּרודיקט, אומפֿאַרקויטיקט. א'ע בגדים. 2. פֿיג. וואָס איז אָן מאָראַלישן פֿלעק. מיט אַן א'ן נאָמען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשמידט — אַדי. 1. אומפֿאַרקאָוועט ←. א'ע פֿערד. 2. ניט־פֿאַרפּענטעט (אין קייטן). א'ע אַרעסטאַנטן. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרשמירט — אַדי. 1. אומפֿאַרבּרודיקט, ניט־פֿאַרפּאַטשקעט, ניט־פֿאַרפֿאַרבּט אע. א'ע פּנימלעך. א'ע ווענט. 2. ניט־פֿאַרפֿולט מיט אַ שמיר־מאַטעריאַל. א'ע שפּאַלטן אין ווענט. 3. ניט־פֿאַרמיאוסט. ניט־בּאַרעדט. א'ע רעפּוטאַציע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿאַרשמעלט — אַדי. ניט־געמאַכט צו שמאָל (און דערבּײַ קאַליע געמאַכט, פֿאַרערגערט). אַן א, קליידל. פֿרגל ~פֿאַרשמעלערט. ־ערהייט — אַדוו.

אומפֿאַרשמעלערט — אַדי. ניט־געמאַכט שמעלער. אַן א, קליידל. א'ע פּראָגראַם. פֿרגל ~פֿארשמעלט ־ערהייט — אַדוו.
־
.

אומסאָרשן — טרוו. פֿאָרש אום, ~געפֿאָרשט.
אַ לענגערע צײַט פֿאָרשן. א, און ניט אויספֿאָרשן.
־עניש — א'ן אָן שום רעזולטאַטן.
אומפֿאַרשניטן — אַדי. 1. ניט קאַליע
געמאַכט דורך שנײַדן. מעסטן נאָר דעם א'ענעם
שטאָף. 2. ניט־אַרומגעשניטן. א'ענע פּאָלעס.
3. ניט־אומגעבראַכט. עטלעכע א'ענע ייִדן.
־קייט.

אומסאַרשניצט — אַדי. ניט־אויסגעגלײַכט
דורך שניצן. אומפֿאַרשפּיצט. אומפֿאַרשאַרפֿט.
א'ער פֿלאָקן. א'ער בלײַער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומפֿאַרשנעלערט — אַדי. אומפֿאַרגיכערט.
א'ע פּראָדוקציע. גלײַכמעסיקע א'ע באַוועגונג.
־קייט.
אומפֿאָרשעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס
פֿאַרנעמט זיך ניט מיט (האָט ניט קיין טבֿע צו)
פֿאָרשן. מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענעם, א'ן בליק.
טראַפֿאַרעט־געטרײַע א'ע לערערס. ־יקייט.

אומסאַרשעמט — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
געפֿיל פֿון שאַנד. חוצפּהדיק, העזהדיק. א'ער
שנאָרער. „שלעפֿערדיק אין אַרבעט־טעג איז נאָר
אַן א'ער זון“, מס, משלי, תקע“ד, י, 5. „אים,
דעם ריינעם, ציט צו דער ציניזם, די א'ע
אַגרעסיוויטעט פֿון איר שיינקייט“, שנ, דערציילערס
און ראָמאַניסטן II. „דעמפּט די שטאָט שוין א,
— אין איין העמד“, אַל I, 'קומט דער ליבער
זומער'. „ס'קוקט די נאַקעטע, די א'ע שטאָט“,
פּמ, מלחמה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרשעמטהייט — די, ־ן. דטשמ. נר.
דזוו אומפֿאַרשעמטקייט. „יאָ, האָט...וויליאַם
געענטפֿערט מיט א'“, די דראַמע פֿאָן פּאָריז,
[איבז], בוקאַרעשט [יאָר].
אומפֿאַרשעמלעך — אַדי. 1. נעאָל. וואָס
מע קען ניט פֿאַרשעמען. אַ ריינע, א'ע
רעפּוטאַציע. 2. דזוו אומפֿאַרשעמט. „זײַן שטילע שנור

637

...זאָל אַצינד אַזוי א, אַרויסטרעטן“, א. ו., דאָס
מערדערישע ווײַב, לובלין 1875.

-

אומסאַרשענערט — אַדי. וואָס איז ניט געמאַכט (ניט געוואָרן) שענער. א, הויז. א, קלייד. א'ער מענטש. א'ע פֿירונגען. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומפֿאַרשענערלעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט זיך ניט, וואָס מע קען ניט פֿאַרשענערן. א'ער זאַל. ־קייט.

אומפֿאַרשענקלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט פֿאַרשענקען פֿאַרגעבן, מוחל

,

זײַן. אומפֿאַרגעבלעך. קליינע, אָבער דאָך א'ע גניבֿות.

▯

אומסאָרשעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ (פֿון) אַ פֿאָרשער. א'ע, לײַכטזיניקע אויספֿירן. ־קייט.

אומפֿאַרשפּאַרט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרשפּאַרט, ניט־פֿאַרמאַכט (מיט אַ שטאַנג, בּרעט אע). א'ע

עפֿענונג. א'ע טיר. 2. ניט אַרעסטירטע. א'ע
-
גנבֿים. ־ערהייט — אַדוו.

אומסאַרשפּאָרט — אַדי. ניט־פֿאַרשפּאָרט.
א, געלט. א'ע טרחה.
אומפֿאַרשפּאָרלעך — אַדי. וואָס מע קען
(דאַרף, טאָר) ניט פֿאַרשפּאָרן. א'ע באַמיאונגען.
־קייט.

-
אומסאַרשפּיגן, ־שפּײַט — אַדי. ניט־
באַי
דעקט, ניט־פֿאַראומרייניקט מיט שפּײַען. „געפֿין
אַן א עגע (א'ע) פּאָדלאָגע אין אַ שענק" פֿיג.
.
א'ענע רעפּוטאַציע. ־ערהייט — אַדוו.
אומבֿאַרשפּייכלערט — אַדי. נעאָל.

ניטאַרײַנגענומען, ניט־באַהאַלטן אין שפּײַכלער.
פֿיג — וועגן יעדער אָנזאַמלונג. א'ע תּבֿואה. די

א'ע און בכן פֿאַרגעסענע ווערטער.

אומפֿאַרשפּילט — אַדי. ניט אָנגעוואָרן בײַם

-

שפּילן. ״קײנער גײט ניט אַרויס בײַ אַן אַזאַרטשפּיל אַן א'ער״, רײד ־ערהײט — אַדוו.

.

אומפֿאַרשפּיליעט — אדי. ניט־פֿאַרקנעפּלט.

א□ע הויזן. ־ערהײט — אַדוו.

אומפֿאַרשסיצט — אַדי. 1. ניט־געמאַכט מיט אַ שפּיץ אָדער שפּיציק(ער). א'ער בלײַער.

2. ניט גענוג האַסטיק צו באַנעמען; ניט גענוג קלוג. א'ער דאָרפֿסיונג. 3. ניט־פֿאַרשאַרפֿט.

א'ע דעבאַטע. ־ערהײט — אַדוו. ־קײט.

□

אומסאַרשפּעטיקט — אַדי. ניט געקומען שפּעט. קומען צו דער צײַט, א'. א'ע וואָרנונג.

־ערהײט — אַדוו.

אומפֿאַרשפּראָכן — אַדי. 1. דטשמ.

ניטצוגעזאָגט. די א'ענע, די אויסגעחלומטע גליקן.

2. וואָס מע האָט איבער (אויף) דעם קײן (מאַגישן) שפּרוך ניט אַרויסגעזאָגט. אַן א, טיכל וועט העלפֿן פּונקט ווי אַ פֿאַרשפּראָכן טיכל.

־קייט.
אומפֿאַרשפּרייט — אַדי. 1. ניט־באַקאַנט
וויַיט און ברייט. אַן א, שפּריכוואָרט. א'ער מנהג.
2. ניט־אויסגעשטרעקט. א'ער ליַילעך. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומפֿאַרשפּריצט — אַדי. ניט־פֿאַרגאָסן,
ניטפֿאַרבלאָטיקט פֿון שפּריצן. א, מיט בלאָטע. א'ע
זאָקן. א'ע קאַפּאָטע. ־ערהייט — אַדוו.

אום􏰀דל

אומפֿאַרשפֿלט — [...שאָפֿלט] אַדי. וואָס איז
ניט געוואָרן, ניט געמאַכט שפֿל. ניט־
דערנידעריקט. א, פֿון דלות.
אומפֿאַרשקלאַפֿט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרקנעכט.
זיך אונטערגעבן און בליַיבן א'. 2. ניט־
אונטערגעוואָרפֿן; זעלבשטענדיק. א'ער שבֿט. א'ע געגנט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

􏰀

אומסאָרשקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געפֿאָרשקעט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען
קלאַנגען, ענלעכע צו פֿרש־פֿרש (ווי אַ פֿערד).
„צו פֿיל האָבער געגעבן דעם אָגער, ער

פֿאָרשקעט אום„. —עכ ן. ־עניש.

אומסאַרשראָקן — אַדי. אומדערשראָקן.
„זיא זאָלן קומן צו מיר אום פֿר שראָקן“, אַריה ליבּ בּר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725.

אומסאַרשרויסט — אַדי. ניט־פֿאַרפֿעסטיקט מיט אַ שרויף. א'ע לאָדגס. ־ערהייט — אַדוו.

-

אומסאַרשריבּן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרצייכנט מיט אַ שרײַבּמיטל. אומפֿאַרנאָטירט. א'ענע חובֿות. א'ענע עפּיזאָדן. 2. אומפֿאַררעגיסטרירט. א'ענע קינדער צום נײַעם לערניאָר. ־ערהייט — אַדוו.
אומפֿארשריגן — אַדי. פּ— פֿאַרשריען.
— פּ: ~ .
1. ניט־איבּערגעשריגן, ניט־פֿאַרשטיקט דורך

געשריי. א'ענע רייד. 2. וואָס האָט ניט
באַקומען קיין (שלעכטן) שם. אַן א'(ענ)ער, כאָטש
אַן אַרומשלעפּער. זאָל עס א, בלײַבן = זאָל
מען זיך ניט דערוויסן וועגן שלעכטס אָדער אַ
שלעכטן מענטשן. "דער פֿעטער איז געווען אַ
שיכּור, א, זאָל עס בלײַבן", רייד. פֿרגל ניט
אויסגערעדט זאָל עס זײַן. ← אויסגערעדט זײַן.
אומפֿאַרתכלעוועט — [...טאַ'כלעוועט] אַדי.
ניט־געפּטרט, ניט אויסגעגעבן אָן נוצן. א'ע
אָנשטרענגונג.
אומפֿויל — אַדי. ניט־פֿויל (אָבער אויך ניט צו
פֿלײַסיק). א'ע באַוועגונגען.
אומפֿוילן — אוטוו פֿויל אום, ~געפֿוילט.

1. כּסדר, אַ לענגערע צײַט פֿוילן. פֿון די גרויסע
רעגנס פֿוילט אום די תּבֿואה אויפֿן שטענגל.
2. פֿיג. א, אין די תּפֿיסות.
אומפֿוילן זיך — אוטוו פֿויל זיך אום, זיך

~געפֿוילט. דזוו פֿוילן זיך, נאָר מיטן אָנווײַז אַז
עס געדויערט לאַנג אָדער פֿון צײַט צו צײַט.
א, זיך אויפֿצושטיין פֿרי.
אומפֿוילקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומפֿויל. „אייבּיקע ימיקע א'", מ. דײַטש, צווישן ימען און פֿלאַמען, שיקאַגע 1941.

אומפֿוכט — די? מצ נבֿ. אַרכ. מיִ. Mhd unvuoe. שלעכטער, סקאַנדאַליעזער אויפֿפֿיר. עקסצעסן. מעשׂים תּעתּועים. „בּבית הכּנסת... פֿיהלע אוהנפֿוהכט געשען איזט, אויך פֿיעלע לייכטר אונד חלונות פֿערדאָרבּען וואורדן", 'גזירה העבבֿ', 1819 [ויִבּל 1, XI].

אומפֿול — אדי. ניט־פֿול. (מאַט) א'ע קוואַדראַטישע גלײַכונג = ווען עס פֿעלט איינס פֿון די לעצטע צוויי גלידער פֿון דער פֿולער גלײַכונג e=0( )נb(:)a. ־קייט.

אומפֿוליעריק

אומפֿוליעריק — אַדי. ניט־פֿוליעריק, מינעריעריק; געוויינטלעך וואָס איז אַלט ווייניקער ווי 18 אָדער 21 יאָר. א'ער פֿאַרבּרעכער. א'ע טאָרן ניט שטימען. ־יקייט.

אומפֿולקאָמענהייט — די, ־ן. נר פֿאַרריכט.

פֿון אומפֿאָלקאָמענהייט ←. אומפֿולקומקייט, אומשלימותדיקייט. „גרויסע וואָרטקינסטלער

האָבן געשריבן וועגן דער א, און דער פֿאַרפֿירערישקייט פֿון דער מענטשלעכער שפּראַך,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.

אומפֿולקום — אַדי. [מיטן צוגאָב ־ען נ▯]. וואָס איז ניט גאַנץ, ניט פֿול אין אַלע פּרטים. ניטפּערפֿעקט. ניט־שלימותדיק. א'ער הסכּם. א'ער מענטש. ,,קעגנזאַצן, ווידעראַנאַנדן, צעשפּליטערטקייט פֿון דער א'ער הײַנט־וועלט‘‘, ימ, נײַס, 1923. א'ער דיסאָנאַנס (מוזט). —קייט.

אומפֿולשטענדיק — אַדי. ניט־אינגאַנצן. אומפֿולקום. ניט־דורכויסיק. א'ע פֿרײַהייט, אויטאָנאָמיע. ־יקייט.

או'מפֿונדאַמענטאַ'ל — אַדי. וואָס רירט ניט אָן קיין יסוד, קיין עיקר. א'ער חילוק צווישן צוויי שיטות. ־קייט.

▯

אומסונרירט — אַדי. וואָס איז אָן נייטיקן געלטפֿאָנד. א'ע אונטערנעמונג. ,,ממש בּקכלת נדר אצלי מיט יונגי אַן פֿענגר אין קיין מו‘‘מ [= משׂא ומתּן] צו מעלירין...כּמה פּעמים דורך איהרן רוח אונשׂ אום פֿונדירטן מו,,מ להיזק גלאַנגט,,, אגרת שלמה, ד/א. ־קייט.

או'מפֿונקציאָנע'ל — אַדי. וואָס פֿירט ניט דורך קיין פֿונקציע. אַ מאַשין טאָר ניט האָבן קיין א'ע טיילן. ־קייט.

אומפֿורכטבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ניטשרעקלעך. פֿרגל ~פֿאָרכטיק. ־קייט.

-

אומסורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומפֿורעמען. „וואָס גרינטלעכער מע קען אַ שפּראַך..., אַלץ ווינציקער...קלערט [מען] פֿון ניוועלירונגען, אוניפֿאָרמירונגען, ...

א'ען„, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 2.

-

אומסורעמען— טרוו. ־רעם אום, ~געפֿורעמט. איבערפֿורעמען. „אויך נעמען פֿון שטעט ווערן אין יעדער שפּראַך אומגעפֿורעמט לויט איר שטייגער„, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 2.

-

אומסיבעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ
עמעצן מיט פֿיבער. וואָס איז אָן ברען.
קאַלטבלוטיק. ,,אַ גרויסאַרטיקער באַריכט פֿון אַן
א'ער טעטיקייט,,, רייד.
או'מפֿיגוראַטי'וו — אַדי. וואָס איז ניט מיט
אַן איבערגעטראָגענעם באַטײַט; וואָס איז פשוטו
כמשמעו. רײדן א,, אָן רמזים און אָן מליצה.
־קייט.
אומפֿידלען — ־דל אום, ~געפֿידלט. טרוו —
שפּילן אויף אַ פֿידל (כסדר דעם זעלביקן ניגון
אָדער פֿאַרשיידענע ניגונים, אָבער אַ לענגערע
צײַט). א, די זעלביקע עטלעכע חתונה־ניגונים.
אוטוו — זיך אַרומטראָגן מיט עפּעס, טאָן עפּעס
אָן אַ קלאָרן ציל אָדער אָן הצלחה. (איר) א, מיט
מאָלערײַ, מיט בילדער אע. א, מיט פּלעצער אויף
דער לבֿנה. ־עניש.

638

אומפֿיזיאָלאָגיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט
די יסודות (די געזעצן, דעם דרך) פֿון פֿיזיאָלאָגיע.
אַן א'ע באַשרײַבונג פֿון די אָרגאַנען.
אומפֿיזיקאַליש — אַדי. וואָס האָט ניט קײו

שײַכות צו (איז ניט ווי אין, ניט לויט געזעצן
פֿון) פֿיזיק. אַן א'ער צוגאַנג.
אומפֿיזיש — אַדי. 1. ניט־מאַטעריעל,
ניטקערפּערלעך. דערשײַנונגען פֿון דער א'ער וועלט.
2. דזוו אומפֿיזיקאַליש. ־קייט.

-

אומסיטערן — טרוו. ־ער אום, ~געפֿיטערט.
אַ לענגערע צײַט פֿיטערן, האָדעווען (אויף
פֿאַרשיידענע ערטער). א, בהמות אויף שטאָטישע
לאָנקעס.

▯

אומסײַכט — אַדי. ניט־פֿײַכט (אָבער אויך ניט
אינגאַנצן טרוקן). אַן א'ער באָדן ־קייט.

.

אומפֿײַלן — טרוו פֿײַל אום, ~געפֿײַלט.

.

1. אַרומפֿײַלן. א, די נעגל. 2 פֿײַלן אַ לענגערע

.

צײַט. ־ונג — א, פֿון שפּיצן.

אומסיין — אַדי. ניט־פֿײַן (אָבער דאָך ניט
-
שלעכט אָדער גראָב). א'ע אויפֿפֿירונג. ־קייט
— „פּלאַגיאַטור...און נאָך אַזעלכע א'ן„, בצג,
טמז, 1954 .1
אומפֿײַנדלעך — אַדי. ניט־פֿײַנדלעך (אָבער
אויך ניט פֿרײַנדלעך). וואָס איז ניט ווי אַ שׂונא.
אַן א'ע באַציאונג צו פֿרעמדע ־קייט.
.
או'מפֿײַ'נפֿיליק — אַדי. ניט גענוג פֿײַנפֿיליק,
צאַרטפֿיליק. ניט חלילה קיין אומקולטורעלער,
נאָר אַן א'ער, אַ דורכשניטלעכער. ־יקייט.
אומפֿײַערלעך — אַדי. ניט־יום־טובֿדיק, וואָס
איז אָן אַ געהויבענער שטימונג. אַן א'ע
עפֿענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר. ־קייט.

-
אומסײַערן — טרוו. ־ער אום, ~געפֿײַערט.
פֿײַערן, יום־טובֿן אַ לענגערע צײַט. א, דעם זיג

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד. „אונטער דעם דיקטאַטאָר
האָבן מיר געדאַרפֿט א', אַפֿילו ווען עס איז
געגאַנגען פֿײַער פֿון די אויגן“, רייד (בּ,,א).

□ □

אומסײַפֿן — אוטוו פֿײַף אום, ~געפֿײַפֿט.

.

פֿײַפֿן אַ לענגערע צײַט. א, גאַנצענע טעג.
־עכ□ן. ־עניש.

אומפֿילאָלאָגיש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
דרך, לויט די פּרינציפּן פֿון פֿילאָלאָגיע. א'ע
חקירות וועגן אָפּשטאַם פֿון ווערטער. ־קייט.

אומפֿילאַנטראָפּיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
בײַ אַ פֿילאַנטראָפּ. א'ע גלײַכגילטיקייט צו
נויטבאַדערפֿטיקע. ־קייט.

אומפֿילאסאפֿיש — אַדי. פּ—
פֿילאָזאָ— □ □ פּ: ~
פּיש. וואָס איז ניט לויטן דרך פֿון אַ פֿילאָסאָף
אָדער פֿון פֿילאָסאָפֿיע. א'ע באַטראַכטונגען. א,
אָננעמען גרייטע מיינונגען. ־קייט.

אומפֿילבּאַר — אַדי. דטשמ. נר.

אומפֿילעוודיק. „דער אָפּגעפֿראָרענער טייל פֿון קערפּער

ווערט בּלייך, א',,, פֿגעז, ווילנע 1 1937, No.
־קייט.
אומפֿילטרירט — אַזי. ניט־פֿילטרירט, ניטגערייניקט דורך אַ פֿילטער. א'ע פֿליסיקייט.

2. וואָס קען ניט פֿילן. געבּן אַן איינשפּריצונג

אומפֿיליק — אַדי. נעאַל. 1. דזוו אומפֿילעוודיק.

און מאַכן א,. ־יקייט.

□

אום□ירן זיך

אומפֿילנדיק — אַדי. וואָס פֿילט ניט. א'ע פֿאַרשוינען.

אומפֿילעוודיק — אַדי. וואָס פֿילט ניט. וואָס האָט ניט די טבֿע (די נאַטור) צו פֿילן, צו האָבּן (טיפֿע) געפֿילן. א, צו יענעמס ליידן. ,,ער איז תּמיד געווען פֿאַרהאַרטעוועט, א'. קיין שום געשעעניש האָט אים ניט געקאָנט אויפֿרירן,,, פּ. רודאָי, טמז, 29 I 196l. ,,א'ער מענטש,,, נ. זאַלאָוויץ, פֿאָר, 17 IX 1964. ־יקייט — צייטווייליקע א'.

אומסינאַנסירט, ־צירט — אַדי. ניט־
געשטיצט מיט געלטמיטלען. א'ע אונטערנעמונג,
פֿאָרשונג.

אומסינגערן — טרוו. ־ער אום, ~געפֿינגערט.
 עאָל. אַריבערגיין (אַרומטאַפּן) מיט די פֿינגער.
„איך בין בלינד. דערלויבט מיר א, אײַער פּנים“,
רייד. א, סטרונעס.

-

אומסינצטער — אַדי. ניט־פֿינצטער (אָבער
אויך ניט גענוג ליכטיק). זיצן אין א'ן ווינקל.

אומסינצטערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געפֿינצטערט. אַ לענגערע צײַט (אָדער אין פֿאַרשיידענע
ערטער) פֿינצטערן, לעבן שלעכט, זיך מאַטערן.
א, אין דער אַלטער און אין דער נײַער היים.
אומפֿינקלען — אוטוו. ־קל אום, ~געפֿינקלט.
כּסדר, אַ לענגערע צײַט פֿינקלען. א, מיט די

אויגן. א, מיט אַ קעשענע־באַטאַרייקע. א, מיט די בריליאַנטן אויף די הענט. ־עניש.

אומסיקסירט — אַדי. ניט־(געני) באַשטימט (וועגן צײַט, אָרט, פּרײַז, ווערט אאַ). א'ע צײַט פֿון באַגעגעניש ־קייט.

.

או'מפֿי'רוואַרפֿיק — אַדי. נעאָל. צו פֿאַרבײַטן אומפֿאָרוואורפֿבאַר ←.

אומסירן — טרוו. פֿיר אום, ~געפֿירט.

1. אַרומפֿירן. פֿירן פֿון איין אָרט אין צווייטן;

פֿירן אַהין און אַהער. אַ לענגערע צײַט ווײַזן דעם וועג, די ריכטונג. „כּלומר משה פֿירט אונדז אום אין דער מדבר צו טיטן אונז“, צאינה, קרח. פֿירן אים אום ווי אַ בער“, צ. ה. האָרנשטיין,

„זלידניעפֿקער לעבענדע פֿאָטאָגראַפֿי, באַרדיטשעוו תּרנ„א. „אויף אַלט־באַקאַנטע וועגן האָבן מיך

חלומות אומגעפֿירט", י. ראָלניק, גש. „און דײַנע אויגן...פֿירן דיך אין רעש פֿון די גאַסן אום„, מל, 'הייב אויף די אויגן'.

2 פֿאַרצײַען; אָפּלייגו אַן ענין דורך אָפּנאַ.

רע􏰀רײַ. פֿאַרפֿירן. א, פֿון הײַנט אויף מאָרגן. „נאָך דעם ר, יודא בעלי זצ"ל איזהו ימי, אום גפֿירט, קומט הירויז...", גה, 114. 􏰀א, בײַ דער נאָז = מאַכן צום נאַר, פֿאַרפֿירן.

3. אוטוו. אַ לענגערע צײַט פֿירן מיט עפּעס איבער עפּעס. א, מיט די פֿינגער איבער די קלאַווישן פֿון פּיאַנאָ. „נעמט א, מיט די ליפּן... איבער מײַן גאַנצן גוף", הל. 􏰀.א, מיטן חלף איבערן האַלדז = א) סטראַשען; ב) שטעלן אין ס􏰀ננה.

􏰀

אומסירן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. חבֿרן זיך, זײַן פֿרײַנד; פֿאַרברענגען אין פֿרײַנדשאַפֿט. „מיט חצופֿות אונטער לינדן זיך שפּאַצירט, זיך מיט זיי אויף בערג און טאָלן אומגעפֿירט„,

ממוס, יודל. „חיהלע פֿירט זיך אום מיט גיטעלען, אַן אויסגעפּוצטע, אַ צופֿרידענע„, יד,

אומפֿירעכץ

אבֿן נגף. „אַזוינע אַגבֿדיקע באַמערקונגען ווײַזן אונדז, אַז מינסטער האָט זיך אומגעפֿירט מיט יִידן“, מוו, שטאַפּל״ו, בערלין 1923.

2. אַרומגיין, אַרויסגיין צוזאַמען (וועגן בחור און מיידל). „הער, לאָמיר ביידע חתונה האָבן, מיר פֿירן זיך שוין אום אַזאַ צײַט„, פֿל.

3. אויפֿפֿירן זיך. ‘‘זיי האָבן זיך צוזאַמען געלערנט מער אַז איין יאָר, אָבער אויך גאַנץ פֿרום זיך אומגעפֿירט“, מרדכי און אסתּר, וואַרשע 1842.

אומפֿירעכץ, ־עניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אומפֿירן (זיך). אַן א, איבער שטיינער און דערנער.

אומפֿירער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס פֿירט אום. אַן א, איבער מוזייען. 2.

ניטפּאַסיקער, שלעכטער פֿירער ־עריי ־שאַפֿט

. — .

— ‘‘פּראָטעסטן קעגן דער פֿירערשאַפֿט אָדער א,

פֿון דער רעגירונג“, יוסף שלאָסבערג, טמז,
.XI 19􏰀4 18

􏰀

אומסירקען — אוטוו. ־קע אום, ~געפֿירקעט.
ענלעך צו אומפֿאָרשקען ←. א, ווי אַ פֿערד.
־עניש.
אומפֿירשטלעך — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ
פֿירשטן. דאָס א'ע באַנעמען זיך פֿון דעם אַדלמאַן.
־קייט.
אומפֿלאָט — דער (דאָס). מצ נבֿ. 􏰀M􏰀d
1־􏰀1􏰀t .un. שמוץ, עקלדיקס; מיאוסדיקס.
סהמ, 􏰀)בֿ, מלל פֿאַרטײַטשן צ[ו]אה (ישעיה, כח,
8): „אונפֿלוט“, “אום פֿלוט„, “אינפֿלאט“. “דער
מענש זאָל פֿריש און, זויבר זײַן פֿון אַלי
אונפֿלוט„, מהמ, לבֿ/א. „דיא מוקן און, פֿליגן...אין
מישֹט און, אום פֿלוט„, הבחור חנוך בר, צבֿי
הירש [איבז], אגרת בעלי חייס, הענא 1718.
„אזו זאָל מען געוואָרנט זײַן...אויף די שיך
אַכטונג צו האבן אַז ניט א, דראָן זאָל קלעפּן„,
ספֿר עץ 􏰀חייס, וואַרשע תּרי„ב.

2. דזוו אומפֿלייט. „זיך מטהר זײַן פֿון זײַן אום פֿלאָט“, אַריה ליבֿ בר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים פֿיורדא 1725. „ווען דער מענטש

,

האַלט זיך ניט ריין, אַזוי ציט ער אויף זיך א, ווי אַ בהמה„, עפּש, עץ חיים, קיצור של„ה, [לבֿובֿ? יאָר?].

3. גײַסטיק, מאָראַליש עקלדיקס, זינדיקס. „אבֿר בלעם וואַר ניט חוזר, דען ער וואַר בהעפֿט אָן דען טינוף אונ, אום פֿלוט פֿון אַלי קליפּות“, נצ1, טו/ב. „ער ניט קומן זאַל מיט דען אונ פֿלוט פֿאַר הקבֿה„, לט1, ו/א. „רייניג מײַני ווערקן פֿון אונפֿלאט“, בּרכת המזון, אַמשט 1723, כז/א.

אומפֿלאָטיק — אַדי. עקלדיק, מיאוס, שמוציק, אייטערדיק. ← דפֿוו. „נאָך די אונפֿלוטיגי ע“א [= עבֿודת אלילים] פֿון איר עלטרן וואַרן איר אויגן זעהן“, סהמ, יחזקאל, כ, 24. „דש עשׂין ווערט אין זײַן מאָגן פֿר דארבֿן ווערן...ביז און פֿלוטיג בלוט דרוישׂ ווערן“, מהמ, קנה/א. „אזו באלד דער זעלביגה שטארבט ווערט ער באַלד אָנגעצויגן א'ע קליידער„, ספֿר עץ חיים, תּרי„ב.

אומפֿלאַטערן — אוטוו. ־ער אום, ~ געפֿלאַטערט. 1. אומשוועבֿן; אומפֿליִען. „איר נשמה

...איז, ווי אַ פֿויגל, אַ ווײַסע געווען, וואָס האָט
אויף דער אומריינער ערד אומגעפּלאַטערט,,,

639

אַל II, 'פֿאַר איר נשמה'. 2. זיך באַוועגן
וויבּרירנדיק, זיך טרייסלענדיק. ,,זי פּלאַטערט אום
מיט שוועבּנדיקן טראָט. איר פֿאַרבּן־קליידל וויגט
זיך אויף די היפּטן,,, רוב, מגילת רוסלאַנד.
3. ציטערן, צאַפּלען זיך. א, צווישן לעבּן און
טויט. ־ניש.
אומפּלאַך — אַדי. ניט אינגאַנצן פּלאַך;
ניטהאָריזאָנטאַל.
אומפּלאמען — אוטוו פּלאַם אום, ~געפּלאַמט.

—
.
אַ לענגערע צײַט (אין פֿאַרשיידענע ערטער)
פּלאַמען. ,,פֿײַערן פּלאַמען אום אויף אַלע שפּיצן
בּערג,,. פֿיג. אַ בּריה וואָס פּלאַמט אום.
אומפּלאַנצן — טרוו פּלאַנץ אום, ~געפּלאַנצט.

.
1. אַרומפּלאַנצן. א, דעם פּאַרק(אַ)ן מיט
בּיימעלעך. 2. איבּערפּלאַנצן, פּלאַנצן אויפּסנײַ. א,
די פּרוכטביימער, ווײַל זיי האָבּן זיך ניט
אָנגענומען. ־ונג. ־עניש.

אומפֿלאַסטערן — טרוו. ־ער אום, ~
געפֿלאַסטערט. 1 פֿונדאָסנײַ פֿלאַסטערן. א, איין
—
.
זײַט גאַס און באַגיסן מיט צעמענט. 2.
אַרומפֿלאסטערן. א, די ווענט ־ונג.
—
.
אומפֿלאַקערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געפֿלאַקערט. אַ לענגערע צײַט פֿלאַקערן, ברענען מיט
אַ העל פֿײַער. עס פֿלאַקערן אום שׂריפֿות.
רעוואָלוציעס ווערן א'. ־ניש.
אומפֿלוט — אַרכ. ← אומפֿלאָט. „געחלומט
האָט זיך מיר שוין אויף פֿרעמדע בעטן, וואו
פֿרעמד א, האָט געביסן„, פרץ, 'דרײַ מאָל
גערופֿן'. [די פֿאָרעם בײַ פרצן אפֿשר גענומען פֿון
דער עלטערער ליטעראַטור, אפֿשר אַ
טעותהדפֿוס. אין פרצעס ד':
לויט מיטן ב אייטער.
— אומפֿלעט מיט לאַנגן
קלאַנג ע]. אויך: אומפ
„דיא וויא טאָג קומין פֿון איין קאַלטן פֿלוס
אונ, אום פֿלויט„; „לאָז דען אום פֿלויט אַרויז
פֿליסן אויז דען מויאל„, סור II. „דשׂ לייב פֿון
דר בהמה איז פֿון אונפֿלויט אונ שטינקט“, עפש,
דרך הישר לעולס הבא, שקלאָוו 1796. ־יק —

,,איבער אַ בריק צו גיין און אַן א'ן וועג איז
מען זיך ניט מכבד,,, ר, אַבֿרהם עפשטיין, ברך
אַבֿרהם, לאַשצובֿ 1817.
אומפֿלוקטואירט — אַדי. וואָס ווערט ניט
באַוועגט הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ.
באַשטענדיקע א'ע טעמפּעראַטור ביי אַן
עקספּערימענט.
אומפֿלי — דער, ־ען. אַקט פֿון אומפֿליִען ←.
ארומפֿלי. א אַרום דער וועלט. אויך מיט
,

-

־און .
או'מפֿלי'איק — אַדי. נעאָל. 1. וואָס קען ניט
פֿליִען פֿאַראַן א'ע פֿייגל. 2. וואָס מע קען אויף
.
דעם ניט פֿליִען פֿאַרריכטן דעם א'ן עראָפּלאַן.
.
־יקייט.
אומפֿליאַסקען — טרוו. ־קע אום, ~
געפֿליאַסקעט. 1. אומשלאָגן, אומפּאַטשן. א, עמעצן,
אָנרייַבן אים אַ מאָרדע. 2. אומליאַפּען. א, קאַלך
אויף די ווענט. —עניש.

אומפֿליבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס (מע)
קען (אויף דעם) ניט פֿליִען. אומפֿליאיק. א'ער
צעפּעלין.
אומפֿליגלדיק — אַדי. היפּוך פֿון פֿליגלדיק.
ניט־אונטערנעמעריש, אומשעפֿעריש, וואָס איז

אומפֿליסיק

אָן פֿאַנטאַזיע, אָן געהויבנקייט. א'ער
אונטערנעמער. א'ער פּלאַן. ־יקייט.
אומפֿליי — די. מצ ווי אצ פֿטמ. לר, וורר.

[איבער קלאַנגיקער אַסאָציאַציע מיט פֿליי איז ט
אָפּגעפֿאַלן]. אומפֿלייט ← פֿאַרשיידענע מינים
.
פֿליי, כּינים, וואַנצן אע. „און אַריה באַוויַזט
מיט צוויי נעגל, אַלע זאָלן זען, ווי אַזוי מע
הרגעט אַן א‘‘, מ. טײַטש, איבּז, ח. נ. ביאַליק,
אַריה בעל־גוף. דז אויך ביַי חג אין צמח
אַמלאַס.
אומפֿלייט — דאָס & די. מצ. ← אומפֿלאָט.
te un־v1 .Mhd [אין פּד אומפֿלעט מיטן
לאַנגן קלאַנג ע.] 1. אייטער, אַרויספֿלוס;
אָפּפֿאַל. עקלדיקס. קרבן אַהרן, מחזור יוה„כּ, ווילנע

תּרכ"ח פֿאַרטײַטשט 'צאתנו תנקה, — ,,דו

,

זאָלסט ריין מאַכן אונדזער א',.. ,,און וואָס מע
קאָן זען אויף אים פֿון אויסנווייניק, אויך פֿון
אַזוי איין א, און מיאוסקייט, וואָס איז שיִער
אַזוי פֿיל ווי אינעווייניק אין גוף,,, חה, 175.

2 פֿאַרשיידענע מינים פֿליי, כּינים, וואַנצן ע.

.

,,אָבער דאָס בייזע א, האָט זיך דערפֿון ווייניק
וואָס געמאַכט,,, י. טיגער, דעך צדיק און דער
בעל־תּשובֿה, לאָנדאָן 1962. ,,אַלערליי אָפּפֿאַל
לאַגערן פֿאַר די הײַזער און אין די הייף...דערפֿון
געניסן די פֿליגן און כלערליי א',, פֿגעז, פּאַריז

,

.No 1948 2

אומפֿלייטיק — אַדי. פּפֿ: ~אומפֿלעטיק.

M d un־v1aeti. ← אומפֿלייט. וואָס איז
מיט (פֿון), האָט אַ שײַכות צו אומפֿלייט.
דעריבער: 1. זייער שמוציק, פֿאַרלײַזיקט. "פֿאַר
א'ע דאַמען,,, מ. דלוגאַטש, די וועלט־מסורה.
,,מוהאַמעד איז א, ביז גאָר", צײַט, גש, 1932.
2. מיאוס ביז חלשות, עקלדיק. מלל
פֿאַרטײַטשט 'מוראָה ונגאָלה, (צפֿניה, א, 1) — ,,אום

פֿלעטיג“ [תּי: „קויטיקע און אומווערדיקע]. דרייזין בּרענגט ווי סינאָנימען צו א':
אָנגעשטונקען, חלשותדיק.

אומפֿלייטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אומפֿלייטיק. „נאָך דרייא טאָג פֿון זײַן טוט שפּרינגט אים זײַן בּויך אויף אזו איז ניקשׂ אין אים אלז נאָר אום פֿליטיקייט,,, אַריה ליבֿ בּר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. „מיר זאָלן אַכטונג געבּן וואָס עס איז פֿאַרהאַנדן אין דעם גוף פֿון דעם מענטשן אונפֿלעטיקייט און מיאוסקייט“, חה, 175. דרייזין בּרענגט ווי אַ סינאָנים צו א, — „שטינקעכץ“.

אומפֿלייסיק — אַדי. ניט־פֿלײַסיק. (מילדער
-
ווי פֿויל). אַרבּעטן א'. „איינר איז אום ולייש׳יג אין אינם דינשׂט,,, בּראַנט [אַווע III]. ־יקייט.

אומפֿלייסן זיך — אוטוו פֿלײַס זיך אום, זיך
-
.
~געפֿלײַסט. אַ לענגערע צײַט בּאַמיִען זיך, אַרבּעטן, טאָן מיט חשק, מיט פֿלײַס. א, זיך און זיצן על התּורה ועל העבֿודה.

אומפֿלייצן — אוטוו פֿלייץ אום, ~געפֿלייצט.

.

אַ לענגערע צײַט גיסן זיך, שטראָמען
אַריבּער.
גיין די בּרעגן פֿרילינגדיקע וואַסערן פֿלייצן אום.
.
פֿיג. ״עס פֿלייצן אום היציקע רייד,,.
אומפֿליסיק — אַדי. 1. ניט־פֿליסיק (סאָליד,
האַרט אָדער גאַזיק). א, בּײַ שטובּיקער
טעמפּעראַטור. 2. וואָס פֿליסט ניט ווי געהעריק.
וואָס איז מיט אָפּשטעל. א'ע רייד. ־יקייט.

אומפֿליסן

אומפֿליסן — אוטוו פֿליס אום, ~געפֿלאָסן.

כסדר, אַ לענגערע צײַט פֿליסן, רינען.
ריטשקעלעך, טײַכעלעך פֿליסן אום. ס'וועט א, מילך
אַנשטאָט וואַסער.
אומפֿליסעוודיק — אדי. וואָס האָט ניט קיין
טבֿע צו פֿליסן. שטייאיק, א, וואַסער פֿון אָזע־ א
רעס. פֿרגל ~פֿליסיק. ־יקייט.
אומפֿלעגן — אוטוו פֿלי אום, בּ י ן [וועגן
.
ה אָ ב ← אויסלויפֿן] ~געפֿלויגן (זן ~געׄ א

פָליִען). 1 פָליִען אַ לענגערע צײַט. *א, אין די

.

הימלען = א) פֿאַנטאַזירן, טרוימען; בּ) זיך פִילן
זייער גליקלעך. „דו מעגסט אויף די בערג פָון
געדאַנקען א'“, י. בּאָוושאָווער, געזאַמלטע ווערק,
נ"י 1911.

2. אַרומפָליִען. א, די (גאַנצע) וועלט. „עשׂ
איז בּעשׂר איין פָויגיל אין דער האנד, אלשׂ ציהן
[= צען] אום פָליהן אויף דעם לאַנד“, צוכט.

פָון איין בּרעג הימל בּיז צום אַנדערן אַ
גרוי„

סער מלאך אומגעפָלויגן איז“, יהואָש, 'אַ
וויסטער טרוים'. „האָט וועלט אומפָליִענדיק, דער
שופָר הויך געשאַלט“, בּראָד, בּאַגײַסטערונג.

3. אומאײַלן, אומלויפָן זייער גיך און אַ סך א
זיך בּאַוועגן. “די אבָיונים, די קבּצנים פָליִען אום
ווי די רוחות, מיט פֿאַרדרייטע קעפּ, עסן ניט

— וואַרשע 1881 .“, דער יודישער
- א

און האָבּן טאַקע ניט וואָס צו ע

כ ן ־עניש.

. .
ם

פֿאַר־פּטח, —
־ערײַ.
אומפֿלי — טרוו. פֿליק אום, ~געפֿליקט.
קן
א
1 פֿליקן אַ לענגערע צײַט. אַ בידנע פּרנסה פֿון
.
א, הינער און גענדז. 2. פֿליקן פֿון אַלע זײַטן.
א, דעם אינדיק און ניט רײַסן די הויט. א, אַלע
פּירות פֿון אַ בוים. 3. במקום־ווערב פֿאַר:
קנײַפּן, שלאָגן, פּאַטשן פֿון אַלע זײַטן;
אויספּרעסן אָדער אויסנאַרן געלט. א, דעם יאָלד,
אויסליידיקן זײַנע קעשענעס. מיט ז י ך — וואול.
האָבן אָפּטן סעקסועלן פֿאַרקער (נאָר וועגן אַ
פֿרוי). א, זיך מיט שקצים ־עניש.
.
אומפֿלירטעווען — אוטוו. ־טעווע אום, ~
געפֿלירטעוועט. אַ לענגערע צײַט (מיט
פֿאַרשיידענע פֿאָרשטייערס פֿון דעם אַקעגנדיקן
געשלעכט) פֿלירטעווען, ראָמאַנסירן. א, מיט אַלע
בחורים פֿון שטעטל. א, מיט יונגע מיידלעך
א
.
אומפּלעגמאַטיש — אַדי. ניט אַפּאַטיש,

ניטגלײַכגילטיק, ניט־קאַלט. א'ע באַציאונג צו אַ
געזעלשאַפֿטלעכן ענין. ־קייט — אַ
כאַראַקטעריסטישע ייִדישע א'.
אומפֿלעט — [לאַנגער קלאַנג ע] ← אומפֿלאָט.
א
פֿר.
אומפֿלעטיק — אַדי. פֿר. דזוו אומפֿלייטיק ←.
א'ער מענטש, נאָכגעלאָזטע בריאה. „און, מוז
גדענקן אַז ער איז גיקומן פֿון איין שטינקדיגן
טראָפּן אונ, איז פֿון איין אום פֿלעטיק אורט“,
עח, יח, 2. א
אומפֿלעכטן — טרוו פֿלעכט אום, ~געפֿלאָכטן.
.
1. אַרומפֿלעכטן. א, מיט ריטלעך אַ גרויסן בוטל.
2. איבערפֿלעכטן. א, אַ זײַט פֿון קאָרב. ־עניש.
אומפֿלעקטירט — אַדי. וואָס קריגט ניט צו
קיין פֿלעקסיע(ס), קיין ענדונג(ען) בײַם בייגן. א
נפֿ [ייִבל XIII, 1 ־] ציטירט די שורה פֿון יענטע
בת יצחק: 'עשׂ זאָל ניט ווערן אָפּ גיטאָן די תּורה
פֿון דען מונד ז ײַ ן , און גיט צו די הערה:

“ס איז אַן אַרכאַאיזם: דער נאָכגעשטעלטער, א'ער   א
אַדיעקט“. „זענען דאָ סובּסטאַנטיוּוירטע
בּײַווערטער פֿון זאַכלעכן מין א, (און אַפֿילו אָן
אַרטיקל געבּרויכט)“, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 3.
־קייט.
ומפֿעאָדאַל(יש) — אַדי. וואָס איז ניט ווי   א
בּײַ דער פֿעאָדאַלער אָרדענונג. א'ע בּאַציאונגען
צווישן דעם לאַנדבּאַזיצער און די פּויערים.
ומפֿעאיק — אַדי. 1. וואָס האָט ניט גענוג
כּוח, איז ניט בּיכולת עפּעס צו טאָן. א, צו אַן
אַרבּעט. “אַ דיכטער אָדער אַ שריפֿטשטעלער,   א
וואָס ווערט א, צו בּאַנוצן זײַן שרײַבּ־געצײַג,
איז ניט ווי אַ מוזיקאַנט וואָס קען ניט שפּילן“,
מר י, נ“י 1910. 2. וואָס האָט ניט גענוג
טאַלענט, ידיעות, געניטשאַפֿט עפּעס צו טאָן. א,
צו פֿאַרנעמען דעם הויכן פּאָסטן. אַן א'ער לע־   א
רער, זשורנאַליסט. „איר מאַן...גאַנץ א, (
אומטויגנדיק) צו פֿירן אַ קרעצמע“, אמד, דער אַנט־   א
לאָפֿענער רעקרוטל, ווילנע 1872. 3. וואָס
בּאַנעמט ניט גענוג טיף, פֿאַרשטייט ניט גענוג גיך
א'ער תּלמיד ־יקייט ־ערהייט — אַדוו.   א
ו'מפֿעדעראַטי'וו — אַדי. וואָס איז ניט ווי

.   .

(בײַ) אַ פֿעדעראַציע. א'ע טענדענצן פֿון דער
צענטראַלער רעגירונג. א
ומפֿעכערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אום, זיך
~געפֿעכערט. אַ לענגערע צײַט קילן זיך מיט
אַ פֿעכער. א, זיך אין דער היץ. א
ומפֿעלבאַר — אַדי. דטש מ. נר. וואָס קען
ניט זינדיקן. אומטעותדיק; זיכער; אינגאַנצן
פֿאַרלאָזלעך פֿרגל אומפֿאַרזינדלעך. ,,ערשט אָבער א
—
.
א'ע סימנים פֿון אונדזער דיכטערס
דעגענעראַציאָן", י. באָוושאָווער, געזאַמלטע ווערק, נ,,י
1911. ,,מיט דער ברייטקייט פֿון אַן א'ער
אויטאָריטעט", זשיט (I, נ"י 1919. ,,זיי ה א
ישקייט פֿון
בן נאָך אַלץ
דעם א'ן חוש צו כאַפּן די מוזיקאַ
אַ דיכטערין", יג, תּוך. ,,איז פֿאַר זיי די 'הייליקע
שריפֿט, געווען אַן א'ע", ר. ראָקער, נאַצ אָנאַליזם

און קולטור, ב"א 1949. ־קייט — ,,אַ נײַע
'דאָגמע', נעמלעך: די א, פֿון דעם פּויפּס אין
אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט רעליגיע און

א

מאָראַל“, נ. זאַלאָוויץ פֿאָר, 11 ‏ 1963 I.

,

ומפֿעליק — אַדי. 1. וואָס דער טערמין פֿאַר דעם איז נאָך ניט געקומען. א'ער וועקסל. א'ער צוזאָג. 2. בײַ סטוטש (322) נאָך א, קומען די אַדיעקטיוון: אומפֿעלבאַר, אומפֿאַרפֿעלט, גאַראַנ־ טירט. א

ומפֿעלעריק — אַדי. וואָס איז אָן אַ פֿעלער. א'ע אַרבעט. א'ע אויסרעכעגונג, א'ע פּינקטלעכקייט. ־יקייט — „די א, פֿון דער התגלות ווי דער מקור פֿון אמת“, א. י. העשל, דווקא, 41־42. א

ומפֿעלערהאַפֿט(יק) ‏ — אַדי. דטש מ. נר. אומפֿעלערדיק. א'ע אויסרעכענונג ־יקייט —

.

„[דעם רבינס] וואָרט מוז אָנגענומען ווערן אינ־ גאַנצן אויפֿן יסוד פֿון אַבסאָלוטער א',,, א. גאַרדין, יאַנאָווסקי..., ל“א 1957. א א

ומפֿעלש(עווע)ן — אוטוו & טרוו פֿעלש אום,

.

~געפֿעלש(עווע)ט. כסדר, אַ לענגערע צײַט אַדער ענדגילטיק פֿעלשן. א, און ניט אַרײַנפֿאַלן. א, חתימות פֿרגל ~פֿאַלשעווען.

.

אומפּרוכטבאַר

ו'מפֿענאָמענאַ'ל — אַדי. ניט־
אויסערגעוויינטלעך; ניט־חידושדיק, ניט־וואונדערלעך.
„ס'איז א, צו שפּילן בלינדערהייט איין פּאַרטיע
שאָך, אָבער פֿענאָמענאַל צו שפּילן בלינדערהייט
עטלעכע פּאַרטיעס גלײַכצײַטיק,„ רייד. ־קייט.
ומפֿענדלען — אוטוו ־דל אום, ~געפֿענדלט.

.

זיך באַוועגן אַהין און אַהער ווי אַ (בלעכן)
פֿענדל אויפֿן ווינט. „אַן אַנדער טייל ועט א,
ווי אַן אומרו צווישן צוויי פּאָלוסן פֿון
קולטורעלער צוציאונג“, זשיט II, נ"י 1917.

ומסעסט — אַדי. ניט־פֿעסט, ניט־
שטאַנדהאַפֿטיק. א'ע באַשלוסן. „איז וויכטיק פֿאַרן
קינסטלער...דאָס אומרואיקע און א'ע פֿון דעם
ניטזיכערן הײַנט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.

־קייט.

▯ -

ומסעסערדיק — אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך (גענוג) פּעפּער. אַלטע און דערצו נאָך א'ע וויצן.
ומפּערטיליזירט — אַדי. (וועגן בּאָדן) ניטגעמאַכט פּרוכטיק (מיט מיסט, מיט כעמישע מיטלען). א, לאַנד, פּעלד. ־קייט.

▯

ומסערמענטירט — אַדי. ניט־געמאַכט עס זאָל יוירן פּערמענטירן. טרינקען די א'ע מילך.

,

א'ער טרויבּנזאַפּט ־קייט.

.

ו'מפּראַגמענטאַ'ר(יש) — אַדי. וואָס איז ניט לויט פּראַגמענטן. כּסדרדיק, סיסטעמאַטיש און א'. ־קייט.

-

ומסראַגמענטירט — אַדי. וואָס איז ניט צעטיילט אויף פּראַגמענטן. לערנען דאָס גאַנצע

ווערק, א'.

▯

ומסראַנטעוועןְ — אוטוו. ־טעווע אום, ~
געפֿראַנטעוועט. אַ לענגערע צײַט זיך שטאַרק
פּוצן (זיך פֿירן) ווי אַ פֿראַנט. א, וו אַן אָפֿיצערל
י
און פּטרן געלט.

▯

ומסראַנצייזיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ
(ניט לויטן כאַראַקטער) פֿון פֿראַנצויזן. „דאָס
איז געוועןְ אַזוי א', ניט לויטן כאַראַקטער פֿון
דעם ראַציאָנאַליסטישן, קלוגן, מעסיקן
פֿראַנצייזישן אינטעליגענט“, ר. אַבראַמאָוויטש, פֿאָר,
8 ▯ 1962 I. ־קייט.

-

ומסראַנקירט — אדי. פּאָסטפֿרײַ;
אומבאַצאָלט פֿאַר די פּאָסט־הוצאות. ניט אָנגעמען קיין

א'ע בריוו. „מע ק□ן שיקן אַ ידיעה א', און היר [= דאָ] וועט די פּאָרטאָ באַצאָלט ווערן“, ייִפּאָל, 3 1890, No.

□

ומסראַסקען — טרוו. ־קע אום, ~ געפּראַסקעט. אַ לענגערע צײַט (פֿאַרשיידענע פֿאַרשוינען) פּראַסקען, פּאַטשן. א, עמעצן די פּיסקעס. א, אויף רעכטס און אויף לינקס. ־עניש.

ומפּרוי — די, ־ען פּרוי וואָס שטימט ניט

.

מיט דער פֿאָרשטעלונג וועגן אַ פּרוי. לויטן אויסזען (כאַראַקטער) ניט קיין פּרוי. „אַ מין א, — מיט אַזעלכע פּיס ווי קלעצער, מיט אַזאַ גראָבער שטים“, רייד.

□

ומסרוכט — די, ־ן. שלעכטע פּרוכט (וועגן שלעכטע קינדער). פֿאַרשאָלטן מיט א'.

□

ומסרוכטבאַר — אַדי. דטשמ. [זייער פֿאַרשפּרייט אין ליטרש] אומפּרוכטיק,

אומפֿרוכפּער(ד)יק. אומפּראָדוקטיוו. א'ער באָדן. „ווײַל גאָט האָט פֿאַרשאָלטן יענעם אינדזל פֿון אייביק
אָן, און געווען איז ער וויסט און א',,, ייִש איבז,

אומפֿרוכטיק

ביאַליק, 'די מגילה פֿון פֿײַער'. „לײַדער בלײַבט דער אָביעקטיוויזם...א, אַפֿילו אויף דעם פֿעלד

פֿון עטיק“, זשיט II י, נ“י 1917. “א'ע, אומטראַ־ א
גישע מאַטערנישן“, שנ, וועגן יודישע שרײַבער
II. א'ע יאָרן. “א'ע איינזאַמקייט,,, יג, תּוך.
־קייט — “דאַך האָט אירי אונפֿרוכטבארקייט
מיך ניט גהינדרט גרושׂי ליב אונט
פֿריינטשאפֿט פֿר איר צו האבן“, מראות הצובאות,
וואַנדזבעק 1718. „די א'...מאַכט טרויעריק די
פֿרוי וואָס פֿאַרלירט ניט די האָפֿענונג“ פֿגעז,

,

— א

1

. וואָס קען ניט
אַרויסווילנע 8 1929, No.
אומסרוכטיק — אַדי.
געבן קיין פֿרוכט. א'ע ערד. א'ער באָדן.

2. עקרדיק, עקרהדיק. אַן א, פּאָרל. „דיא קייזרין איז אום פּרוכטיג גוועזן און, האָט גאַר קיין א קינדר גהאט“, שאַר, קכד/ב. „דאָס באַהעפּטן יִדיש וואָוט מיט ייִויש וואָרט קען ניט זײַן א„ עקרדיק“, לע, טאָג, 3 .29 1964 III. וואָס איז אָן אַ רעזולטאַט, אָן אַ פּעולה. א'ע טוערײַ, באַמיאונגען ־יקייט.

.

-

אומסרוכטיקערין — די, ־ס. עקרה. טוו פּאַר 'שכולה'. „איך בין איין אונפּרוכטיגרן אודר איין פּר ◌ וואַרפֿן און, איינציג“, סהמ, ישעיה, מט, 21.
אומסרוכפּער — אַדי. ← דוווו. זן. „האָב איך מיך פּולשטענדיק אָפּגעזאָגט פֿון דעם דאָזיקן א'ן וועג“, נפּ, ייִפּאָ, 1939, 1.
אומפּרוכפּערדיק — אַדי. 1. וואָס גיט ניט, ברענגט ניט אַרויס קיין פּרוכט. א'ע ערד. א, ווי אַ מדבר. 2. עקרדיק, עקרהדיק. 3. וואָס שאַפֿט ניט; אומפּראָדוקטיוו. שוין א, די לעצטע צוואַנציק יאָר ־יקייט — “די אָפּטע סיבה

.

פֿון א,,,, [פֿון אַ בּראָשור וועגן ווענערישע
קראַנקייטן, אָזע, בערלין, 20ער יאָרן 20. י״ה].
,,האָט די נײַסטע וויסנשאַפֿט פֿיל בּײַגעטראָגן   א
אין קאַמף קעגן א',,, טמז, 20 1963 III.

▯

אומסרוכפּעריק — אַדי. ← דפֿוו. ,,גאַנצע
פּראָווינצן...האָבּן זיך פֿאַרוואַנדלט אין א'ע
וויסטענישן“, ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור,
בּ,,א 1949. ־יקייט.   א
אומפֿרום — אַדי. 1. וואָס היט ניט אָפּ
מצוותמעשׂיות, די דינים, געבּאָטן פֿון ייִדישן דת.
,,קיינער פֿון דײַניקע נישטאָ — נישט אַלט, נישט   א
יונג, נישט פֿרום, נישט א,“, צײַט, 'מלאך המות,.
2. ניט־אָפּגעהיט אין אויספֿילן רעליגיעזע
געבּאָטן; ניט־גלייבּיק. ,,איך וועל בּעסער האָבּן צו
טאָן מיט פֿרומע קריסטן איידער מיט א'ע,,, רייד.

-

אומסרומקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפֿרום. ,,אַזאַ
מין א, צווישן פֿרומע ייִדן האָבּן זיי זיך אויך

ניט פֿאָרגעשטעלט", בצג, טמז, 1953 י5 I.

--

אומסריד — די, ־ן. היפּוך פֿון פֿריד.
אומפֿרידלעכקייט. „דער כּלל איז: מע מוז ליבּן די פֿריד א
און פֿאַריאָגן די א'", ל. יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר (רמבּ„ם), ווילנע תּרל"ו.
אומפֿרידלעך — אַדי. 1. ניט־בּשלומדיק. וואָס איז (צום טייל) קריגעריש, גרייט אויף קאָנפֿליקטן. א'ע שכנים. אַן א, צושטאַנד. א'ע בּאציאונגען פֿאַר אַן א'ס פּאָר איז די גרויסע
— . „
ליכטיקע וועלט נאָר אַ פֿינצטערע גריבּל", אמד, אמרי בּינה, ווילנע 1864. 2. ניט־צוגעלאָזן. ניט־האַרמאָניש. בּאַגעגענען עמעצן א'. "געלעבּט

אומרואיק און א'", דאָס פֿרײַע וואָרט, בּ"א 78 1962, No. ־קייט.
ומפֿרידן — דער, ־ס. 1. מצבֿ פֿון ניט קיין

פֿולן פֿרידן; קריגערישקייט, צעקריגטקייט. לעבֿן אין א, מיט שכנים. “מע קען איצט ניט רעדן וועגן שלום, מע קען ניט רעדן וועגן מלחמה — ס'איז די צײַט פֿון א'“, רייד. 2. אַרכ. היפּוך פֿון פֿרידן, מלחמה. „האָט ער פֿיל שטרייטונג גיטאן אונ, פֿיל בלוט פֿר גסן, אונ, פֿיל אונפֿרידן גימאַכ□ן“, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

□

ומסריזירט — אַדי. ניט־אַרומגעשאָרן, ניטפֿאַרפּוצט די האָר. אומפֿאַרדרייט (אין לעקעלעך, קרײַזעלעך). קומען צו אַן אָוונט א'. ־

ערהייט — אדוו.

ומפֿריי — אַדי. 1. ניט־פֿרײַ, פֿאַרשפּאַרט.

-

“בלויז די סכּנה צו זײַן א, דאַרף אים שרעקן“, שנ, ה. לייוויק

2. קאָנטראָלירט (פֿון מענטשן). „קינדער צווישן דערוואַקסענע זײַנען אָפֿט א', ווערן גיכער קאַפּריז“, ימ, קוד, 1942. “די דאָזיקע קלאַסן זײַנען אָבֿער געוועזן א, בײַ זיך אינעווייניק“, נש, איבֿז שד III□.

3. באַגרענעצט אין די רעכט. ניט־
זעלבשטענדיק. א'ע פֿעלקער. א'ע נאַציאָנאַלע מיעוטים.
4. אָפּהענגיק (פֿון אַ קוק, שטאַנדפּונקט).
„קומט עס צו ייִדנטום, צום יסוד, ווערן [די
שאַרפֿע מוחות] א, און דערשרעקן זיך“, קאָר I .
„האָט זיך דער וויכּוח געפֿירט...פֿון פֿרײַ און א',
פֿון גלות און אומגלות“, אפֿא, געטראַכט מיט
עבֿרי־טײַטש. “די ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע איז
דערבײַ געווען א',„ ימ, שמעון דובנאָוו.
5. געפּענטעט, געבונדן. פֿרײַע קי און א'ע
פֿערד אויף דער לאָנקע פֿיג. אַן א'ע צונג.
.
ו'מפֿריי'געביק — אַדי. אָפֿט או
פֿריי— יך: ~ —
גיביק. וואָס גיט ניט גענוג צדקה, איז ניט
גרייט צו לײַען, צו טאָן אַ טובֿה וואָס איז
פֿאַרבונדן מיט געלט. אַרויסרײַסן בײַשטײַערונגען
אויך פֿון א'ע. ־יקייט.

-

ומפֿרייד — די, ־ן. היפּוך פֿון פֿרייד. „זי
קומט אומגעריכט ווי די פֿרייד, ווי די א',„ סוצ,
געהיימשטאָט. ־יק —־ אַדי.

-

ומסרייהייט — די, ־ן. מצבֿ פֿון זײַן

ניט־־

פֿרײַ, געבֿונדן פֿון דריקנדיקע געזעצן, פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, פֿון דעם וואָס איז אײַנגעשטעלט אין דער אַרומיקער סבֿיבֿה. לעבֿן אין א', אונטער אַ פּאָליצייאישן רעזשים. א, צווישן אומציוויליזירטע. "איז מסבֿיר אויף זײַן שטייגער דעם ענין פֿרײַהייט און א,,,, יג, תּוך.

,,די א, פֿון שווײַגן איז נאָך שווערער

אַריבֿערצוטראָגן ווי די א, פֿון רעדן", ש. בּיקל, טמז, II 19▯2 9.

ו'מפֿריי'וויליק — אַדי. וואָס איז ניט פֿון

--

(לויטן) פֿרײַען ווילן. דינען אין סאָלדאַטן א'.

אַן א'ע בּײַשטײַערונג. ,,קומען אַרויס

בּאַוועגונגען פֿון א'ע און פֿרײַוויליקע מוסקלען....,,

מעריטאָן איבּז, ספּענסער, עדשטע פּרינציפּן.

,,א'ע געסט, מע האָט זיי אַהערגעבֿראַכט", דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאַ, וואַרשע 1930.

־יקייט — ,,די א, איז גאָר נישט אַזאַ פּסיכאָלאָגיש געזעץ ווי די חוקרים מיינען", ש. בּיקל, צוק, יאַנ, 1963.

אדמפֿרײַקייט

או'מפֿריי'זיניק — אַדי. וואָס איז ניט מיט

--

קיין פֿרײַען זינען (געבונדן פֿון אײַנגעשטעלטן אופֿן טראַכטן און טאָן). ניט־הערעטיש, ניטאַפּיקורסיש. אויסגעדראָשענע רייד פֿון א'ע. זיך האַלטן פֿאַר אַ פֿרײַדענקער און זײַן אין־דעראמתן אַן א'ער. ־יקייט.

אומפֿריילעך — אַדי. ניט־לוסטיק. טרויעריק. מיט אַן א'ער מינע. אין אַן א'ער שטימונג. "אין מײַן פֿינצטערן, א'ן לעבן", יונה טרובניק איבז, אסתּר המלכּה, באַרדיטשעוו 1888. ־ער הייט — אַדוו. ־קייט.

אומפֿריינד — דער. מצ ווי אצ. 1. ווער ס'איז

-

ניט קיין פֿרײַנד (אָבער אויך ניט בפֿירוש אַ שׂונא). "קען מען [זיי] אין דעם אָבוויניאַיען [= באַשולדיקן] אָדער האַלטן פֿאַר א'?,,, ייִפֿאָל, 50 No. ,1882 ,,אין די געוואוינהייט פֿון מענטשן

ליגט, דאָס דער אָרעמער איז אימער אַן א, דעם
רײַכן“, א. מ. קלאַפּ, א וואָלף אין אַ שעפּסן פּעל,
וואַרשע 1899. „דאַכט זיך די א אַז דער
אומ,
גליקלעכער רעדט צו פּיל“, י. טשערניאַק, ייִשפּ
.XXI, 1
2. שׂונא. “דען איבּר דנק, ווערין דיר דײַן
אום פּרײַנד מוזן לאזין גאטשׂ גאבֿ אונ שנק„,
עיון, טו/ב. „דער מענטש וואָס וויל זיך
ציוויליזירן, איז מען אים אַן א'“, דער רײַזנדער,
וואַרשע 1883. „דער בּייזער חלום זאָל אויסגיין
צו דײַנע שׂונאים און דער פּתרון צו דײַנע א„,
ר, יעקבֿ מדובּנא, משלי חכמה, ווילנע תּר“ן.
אומפּרײַנדלעך — אַדי. ניט־פּרײַנדלעך,
ניטי
ליבּ. א'ער הונט. „אין ווישׂטי אונד אוהן
פּריינדליכין לענדר“, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש
[איבּז], אגרת בּעלי חייס, הענא 1718. „זיא
וואַרפֿט אימר דען גשׂט אום פּרײַנטליכי אוגין
צו, ארגיר אַן דער מאַן דער טראַכט דער צו„,
עיון, ח/ב. „ווי קענסטו אַזוי א, זײַן אַוועקצוגיין
ניט נעמענדיק אָפּשייד“, אמד, די פּרויען,
וואַרשע 1872. „די האַרטע, א'ע וועלט...האָט פֿון
איבּער געשוואָלענע אויגן־בּײַטעלעך א, אַ קוק

געגעבן אויף פענעקן,,, בערג, בײַם דניעפּער II.
,,דער בעל־הבית אַנטקעגן שמייכלט א',,, חג,
טמז, 1961 II ׳י 7. ־קייט.

אומפֿרײַנדשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. 1. דאָס פֿעלן פֿון פֿרײַנדשאַפֿט. ,,מעגט איר מיר גלייבן אַז ווי דאָס א, אונדזערס זאָל קעגן אײַך ניט זײַן...,,, קלמן סוביל איבז, דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894. ״זיי קענען זיך קוים. דאָ איז תּמיד געווען אַן א״׳.

2. געפֿיל אָדער מצבֿ פֿון אומפֿרײַנד. ״זיי זײַנען געווען חבֿרים אָבער זיי האָבן זיך צעקריגט און עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן א, צווישן זיי,,.

אומפֿריינדשאַפֿטלעך — אַדי. ← דפֿוו. א'ע
-
באַציאונגען ־קייט.

.

-

אומפֿרייען זיך — אוטוו. פֿריי זיך אום, זיך ~געפֿרייט פֿרייען זיך אַ לענגערע צײַט. א,

.

זיך מיט די ליבע געסט.

-

אומסרײַקייט — די (דאָס), ־ן. אײגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומפֿרײַ (בפֿרט: ניט קענען אַלץ טאָן לויטן אײגענעם ווילן אָדער קאַפּריז, זיך מוזן רעכענען מיט אָנגענומענע פֿירונגען אע) [פֿרגל: אומפֿרײַהייט — אַ

געזעלאומפֿריצעווען

שאַפֿטלעכער באַגריף, א, — אַ יחידישע]. א, בײַם (ניט קענען) אָפּענטפֿערן. א, וואָס האַלט צוריק אַן אימפּולס צו טאָן עפּעס וואָס איז ניט לײַטיש.

-

אומסריצעווען — אוטוו. ־צעווע אום, ~ געפֿריצעוועט. כסדר, אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט אָפּנאַרן, מאַכן אַן אָנשטעל, בלאָפֿן. א, און לעבן אויף יענעמס חשבון.

אומסרירן — אוטוו פֿריר אום, ~געפֿראָרן,

~געפֿרוירן. [לד: ~פֿריערן]. אַ לענגערע

צײַט פֿרירן. א, בּיזן בּיין אין אַ ניט־געהייצטער
דירה. ־עניש.

אומסריש — אַדי. ניט־פֿריש. עסן א'ע מאכלים
און זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן. א'ע געדאַנקען.
"וואָס איז גענומען פֿונעם פּאַרטיקן, איז עס אַן
א'ע שפּײַז פֿאַרן נפֿש האלקית, אים ציט בּטבֿע
צו אַרבּעט 'בּזעת אפּך',,, חיים יצחק בּונין,
חבֿ"דיש, לאָדזש 1938. ־קייט.
אומפֿרעגלעך — אַדי. נעאָל. וואָס ווען דעם
קען קיין פֿרעגן ניט זײַן; וואָס איז אָן אַ ספֿק.
קלאָרע, א'ע רעזולטאַטן. ־קייט.

אומפֿרעגן — מרוו. פֿרעג אום, ~געפֿרעגט.

אַ לענגערע צײַט פֿרעגן. אַרומגיין און א, די זעלביקע שאלה. מיט ז י ך — אוטוו. א, זיו אויף עמעצן. ־עניש.

-

אשפֿרעמד — אַדי. ניט אינגאַנצן פֿרעמד.
„ס'איז מיר ניט א', אָבער קיין גרויסער קענער אין דעם בין איך ניט“, רייד.
או'מפֿרעקווע'נט — אַדי. ניט־אָפֿט, ניט אין אײַנגעשטעלטע, באַשטימטע אינטערוואַלן.
דערווײַל אומקלאָרע, א'ע פּאַסירונגען אין קאָסמאָס און אין אַן איינציקן אַטאָם. ־קייט.
אומצאָל — די, ־ן. 1. זייער אַ גרויסע צאָל.
אַן א, שׂונאים. „געווען דאָרט אַן א, מענטשן,,, מלך ראַוויטש. 2. אַזוי פֿיל אַז מע קען ניט באַצייכענען מיט אַ צאָל. „אַן א, מוראַשקעס... שלינגען די זיסע פֿליסיקייט“, ש. בלוס, דער בויס פֿון לעבן, נ“י 1931.
אומצאָלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו אומצאָליק. “די א'ע טאָגטעגלעכע...דערשײַנונגען,,, [פֿון אַ בוך, ציטירט נש, ישפּ 3(10)] ־קייט,

מאַרק ווב.

אומצאָלונג — די, ־ען. דאָס ניט־באַצאָלן אַ
ראַטע פֿון אַ חובֿ. "זעט, עס זײַנען אַוועק צוויי
חדשים מיט צוויי א'ען אויפֿן אַלטן חובֿ,,, רייד
(ווילקאָמיר, ליטע).
או'מצאָליק — אַדי. וואָס איז אָן אַ צאָל; זייער
אַ סך; וואָס איז אַן אומצאָל. ,,...אים געלאָזן אַן
א'ע רײַכקייט,,, ליבֿ לעוויץ, רפֿאל דעט שנײַדערט
טאָכטער, ווילנע 1888. ,,לייגט זיך ווי אַ
היישעריק דער שׂונא אויס מיטן חייל דעם א'ן,,, אַל,
יהודה המכּבּים טויט,. ,,נעמען וואָס באַצייכענען
איינע פֿון אַ סך אָדער פֿון די א'ע גאָט־
אייגנשאַפֿטן", גרינ, מענטשן און ווערטן ־יקייט.
.
אומצאָלעריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי
בּ אַ (פּינקטלעכן, גוטן) צאָלער. א'ע
אָפּלייגעי

נישן.
או'מצאָ'לפֿעאיק — אַדי. וואָס איז ניט אין
שטאַנד צו (באַ)צאָלן. א'ער אָרעמאַן ־יקייט.
.

אומצאַמען — טרוו. צאַם אוס, ~געצאַמט.
פּפֿ: ~צוימען. אַרומצאַמען, מאַכן אַ פּאַרקאַן
(פּלויט אע) אַרום און אַרום. א, דעם גאָרטן.
־ונג — אַ שטעכיקע א'.
אומצאַנקען — אוטוו. צאַנק אום, ~געצאַנקט.
1. אַ לענגערע צײַט צאַנקען, בּרענען שוואַך. אַ
פֿײַערל צאַנקט אום. 2. קוים־קוים לעבֿן; זיך
ראַנגלען מיט אַ טויטלעכער קראַנקייט. א, ווי אַ
ליכט. ־עניש.
אומצאַפּלען — אוטוו. ־פּל אום, ~געצאַפּלט.
אַ לענגערע צײַט צאַפּלען, ציטערן, וואַרפֿן זיך.
א, וו אַ פֿיש אין דער נעץ. אויך מיט ז י ך.
י
־עניש.
אומצאַצקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אום, זיך
~געצאַצקעט. 1. אַ לענגערע צײַט זיך
פֿאַרנעמען מיט מאַכן (איבעריקע, ניט־נייטיקע)
בּאַפּוצונגען. א, זיך מיט אַ שטיקל אַרבעט בּיז
חלשות. 2. שטאַרק נאָכגעבֿן, אַרומפּאַדען,
בּאַדינען. א, זיך מיט אַן אורח, מיט אַ מחותּן.
3. זיך איבערנעמען, בּאַרימען זיך מיט עפּעס.
אָפּט איר. א, זיך מיט עמעצן ווי מיט עפּעס
רעכטס. א, זיך ווי מיט אַ שײַנדל, ווי מיט אַ
געראָטן קינד. ־עניש.

אומצאַרט — אדי. ניט־צאַרט. א'ע באַרירונגען.
־קייט.
אומצאָר(ע)נען — אוטוו. ־רן אום, ~געצאָרנט.
אַ לענגערע צײַט אַרויסווײַזן כּעס. א, אויף דער
גאַנצער וועלט.

-

אומצב אַקיש — [...צוואו־יאַקיש] אַדי. פּפֿ:
,
צבֿוע'קיש. ניט־היפּאָקריטיש; ניט־לפּנימדיק;
ניט־צווייפּנימדיק. וואָס איז אָן אַ פֿאַלשער
מאַסקע. א אַרויסקומען מיטן אמת. א'ע חרטה.
,
־קייט.
אומצבֿיעותדיק — [...צווי'עס...] אַדי. וואָס
איז אָן פֿאַלשקייט, אָן אָנשטעל, אָן אַ מאַסקע
פֿון פֿרומקייט. אַן א'ער, אַן ערלעך־פֿרומער.
א ע פשטות. ־יקייט.
אומצדדימדיק — [...צדאָ'דימ...] אַדי. סטוטש.
וואָס האַלט ניט מיט קיין צד; אומפּאַרטייאיש,
אָביעקטיוו. געפֿינען אַן א'ן בורר. ־יקייט.
אומצדק — [...צעדעק] דער. מצ נבֿ. היפּוך פֿון
צדק. אומיושר. וועג פֿון אומאמת. „נאָך דער

אַרבעט פֿונעם בויען...קומט די אַרבעט פֿון דער שׂנאה פֿון א',,, ביר איבז, טיקאָ בראַהעס וועג ...

צו גאָט. ־דיק — אַדי.

או◌ צד — די ווערטער וואָס מע געפֿינט ניט מיט אומצו... ← צו + -

דעס ערשטן אות פֿון שטאַם.

אום צו — קאָנ. דזוו צו פֿאַרן אינפֿיניטיוו.

ארכ פֿטמ. אום צו געווינען צײַט. ,,זיך אויס,

באַהאַלטן א, צ אַנטלויפֿן שפּעטער קיין אַמע,

ריקע“, רייד. ,,דר קינג פֿון בבֿל איז גקומן א, צ, שפּאַצירן אין דז אורט,,, שאַר, לט/ב. ,,אונדזער אַרבעט וואַר דאָרט א, צ, זויבערן...די אַלטע קליידער“, אמד, די צוויי קליינע קאַטערינסציקעס, ווילנע 1874.

אומצו'גלײַכיק — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף) ניט צוגלײַכן (צו עפּעס פֿון דעם זעלביקן אָדער ענלעכן). א'ע לײַדן, דערגרייכונגען. ־יקייט.

אומצו'געזוכט

אומצוגעאײַלט — אַדי. 1. ניט־צוגעיאָגט.

ניט־אונטערגעטריבֿן. אַ, פּראָדוצירן די אַרבעטער מער. 2. באַרעכנט. מיושבֿדיק. מיט יישובֿהדעת. אַ'ער ענטפֿער. ־ערהייט — אַדוו.

או'מצו'געבאַקן — אַדי. וואָס איז ניט גענוג געבאַקן; ניט־גענוג געהאַלטן אויפֿן (איבערן) פֿײַער. אַ'ענע קאַרטאָפֿל. אַ'ענע בולקעלעך. ־ערהייט — אַדוו.

או'מצו'געביק — אַדי. פּפֿ: ~צוגיביק. וואָס מע קען (דאַרף) ניט צוגעבן (מוסיף זײַן אָדער מודה זײַן). אַ'ע מיאוסע פּרטים. אַ'ע טעותן. ־יקייט.

אומצו'געגעסן — אדי. וואַס איז ניט־געוואָרן איבערדריסיק. אַ'ענע רייד, פֿאָלקסלידער.

אומצו'געגרייט — אַדי. 1. ניט־צוגעגרייט; אומפֿאַרגרייט. אַ'ע שפּײַז פֿאַר דער נסיעה. אַ'ע מלבושים אויפֿן ווינטער. אַ'ע אַמוניציע. 2. ניטגעמאַכט באַצײַטנס. אַ'ע לעקציע. אַ'ע פּלענער. „אין דער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אַ, בײַ דער דערעפֿענונג“, טמז, 3 .22 ▯ 1963 .II. אומפּאַסיק. וואָס האָט ניט דאָס געהעריקע וויסן. אַן אַ'ער צו פֿאַרנעמען אַזאַ הויכן פּאָסטן. „די מעגלעכקייט פֿון אַן אַ'ן לעזער צו פֿאַרשטיין דאָס ווערק“, גוטנ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געדעקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט

באַדעקט מיט עפּעס. אַן א, טעפּל. א'ע קינדער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'געהאָלפֿן — אַדי. וואָס מע האָט
אַפֿילו טיילוויַיז ניט געהאָלפֿן (בײַם טאָן אַן
אַרבעט). א'ענע אין נויט. א'ענע היימאַרבעט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'געהערט — אַדי. ניט־געפֿאָלגט.
ניטאײַנגעהערט זיך. א'ע רייד, אָנוויַיזונגען, עצות
אע. ־ערהייט — אדוו.
אומצו'געהעריק — אַדי. וואָס געהערט ניט
(האָט ניט קיין שײַכות, קיין פֿאַרבינדונג) צו אַ
גרופּע, אַן ענין. די א'ע צום פֿאַראיין. אַן א'ער
דאָקומענט. ־יקייט, ימ, 1930.
אומצו'געוואוויניק — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט צוגעוואוינען צו עפּעס אָדער עמעצן.
א, צו דער נײַער סבֿיבֿה. ־יקייט.
אומצו'געוואַקסן — אַדי. וואָס איז אַפֿילו אַ
ביסל ניט געוואַקסן; וואָס האָט זיך ניט
אַנטוויקלט ווײַטע ר. א'ענע פּראָצענטן. א'ענע
טאָכטער. א'ענע אינטערעסן, קענטענישן. ־
ערהייט — אדוו. ־קייט.
אומצו'געוואַרט — אדי. ניט־צוגעוואַרט.
ניטאָפּגעוואַרט אַ באַשטימטע צײַט. א אַרײַנגיין צום

,

גדול. א, עסן מילכיקס נאָך פֿליישיקס. ־
ערהייט — אָדוו.
אומצו'געזאָגט — אַדי. וואָס מע האָט אויף
דעם ניט געגעבן קיין צוזאָג. א'ע צאָלונגען.
־ערהייט — אדוו. „מע האָט דאָך פּינסקין
געדאַרפֿט צוזאָגן און אַפֿילו א, צאָלן אַ
געהעריקן האָנאָראַר“, דר, נ. עק, היימיש, אויג'־

אומצו'געזוכט — אַדי. ניט־צוגעפּאַסט,
ניטסעפּט, 1961 ־קייט.

.

צוגעקליבן נאָכן זוכן, פּרוּוון. א'ע צווייטע
העלפֿט פֿון עפּעס. א'ער חתן. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.

אומצו'געזעען
אומצו'געזעען — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט
געזען. א'ע קאַטאַסטראָפֿע. 2. לד. וואָס מע האָט
אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט, ניט אָפּגעהיט.
א'ע קראַנקע, יתומים. ־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געזעצט — אַדי. 1. ניט־אָפּגערוט
מיטן צוזעצן זיך. א, נאָכן לויפֿן. 2. ניט־
צוגעזעצט, ניט־צוגעגעבן. א ער פּאַראַגראַף. א'ע

פֿלאַנצן —ערהייט — אַדוו.

.—

אומצו'געהתמעט — [...כאַסמעט] אַדי. ניטצוגעזיגלט, ניט־צוגעשטעמפּלט. א'ער בריוו, פּאַקעט. א'ע פֿלעשער ווײַן. ־ערהייט — אַדוו.

אומצו'געטאָן — אַדי. 1. ניט־צוגעגעבן; ניטצוגעמאַכט. ניט־צוגעשפּאַרט. א'ענע אייבערשטע פּאָליצע. 2. לד. וואָס איז ניט גענוג פֿרײַנדלעך, נאָענט פֿאַראינטערעסירט. א'ענע קרובֿים.

,

־ענערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געטיילט — אַדי. ניט־(צו)געגעבן עמעצן ווי אַ חלק. א'ע פּאָרציע. א'ער כּבֿוד. א'ע מיסיע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געטראָגן — אַדי. ניט־צוגעבראַכט; ניט־דערלאַנגט. ניט־(צו)געגעבן ווי אַ מתּנה. א' ענער קראַנץ בלומען. א'ענע בקשה. ־ערהייט — אַדוו.

אומצו'געטראַכט — אדי. ניט־צוגעקלערט. א'ער תּירוץ. א'ער סוף פֿון דער מעשׂה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געטשעפּעט — אַדי. 1. ניט־צוגעבונדן, ני ־באַהעפֿט. א, פּאַפּירל אין אַ פּעקל דאָקומענטן. א'ער וואַגאָן. 2. ניט־צוגעשפּיליעט.

שלאָפֿן בײַ אָפֿענע, א'ע פֿענצטער.
אומצו'געכאַפּט — אַדי. ניט־אַוועקגעכאַפּט;
ניט־צוגענומען אויף גיך. א'ע רעשטלעך. ־
ערהייט — אַדוו.
אומצו'געלאָזט, ־לאָזן — אַדי. 1. וואָס מע
האָט ניט געלאָזט צוקומען, צוטרעטן, זיך
באַטייליקן. א'ע פֿאָרשטייערס פֿון דעם יִישובֿ. א'ע
דעלעגאַטן. 2. וואָס מע האָט ניט דערלויבט.
א'ע דעמאָנסטראַציע. 3. וואָס איז ניט גענוג
פֿרײַנדלעך, אינטים. א'ער מענטש. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומצו'געלייגט — אַדי. 1. ניט־צוגעלייגט.
א'ער קאָמפּרעס. 2. וואָס מע האָט ניט
צוגעגעבן, מוסיף געווען. א'ע אויסבעסערונג צו דעם
פֿריִערדיקן טעקסט. 3. וואָס מע האָט ניט
אָנגעוואָרן. א, געלט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'געמאַכט — אַדי. 1. ניט־צוגעגעבן צום
פֿריִער געמאַכטן. א'ע באַפּוצונגען. 2.
ניטפֿארמאכט. א'ע טיר ־ערהייט — אַדוו.
— — .
אומצו'געמאָסטן — אַדי. 1. ניט־באַגרענעצט
מיט אַ באַשטימטער מאָס. א'ענע פּאָרציעס פֿלייש.
2. ניט־געמאָסטן לויט דער פֿיגור. א'ענע
מאַרינאַרקע. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.
אימצו'געמישט — אַדי. וואָס מע האָט
גערלאָזט איינמיניק, איינסאָרטיק, אָן אַ צומיש.
א□ער רײנער אַלקאָהאָל. פֿיטערן דאָס פֿערד מיט
א'ן האָבער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'גענאָגלט — אַדי. ניט־צוגעפֿעסטיקט
מיט אַ נאָגל. א'ע פּאָדקעווע פֿיג. א'ע
באַשולדי.
קונג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

643

אומצו'גענגלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען צו
דעם ניט צוגיין. א'ע בערגשפּיצן. „עס וואַר גאַנץ
א, (מע האָט ניט געקענט צוקומען אַהין)"„ אמד,
קארטוכע, ווילנע 1878. 2. וואָס איז צו טײַער.
א'ע פּרײַזן. 3. וואָס איז זייער שווער תּופֿס צו
זײַן. אַן א'ע לעקציע. 4. וואָס האַלט זיך
אָפּגעזונדערט, לעבט זיך שווער אײַן מיט אַנדערע.
אַן א'ע נאַטור ־קייט — "זיי שטייען דיר
.
אַנטקעגן אין זייער ליכטיקער פֿרײלעכער א'",
,
ימ איבז, טאָמאַס מאַן, טאָניאָ קרעגער.

אומצו'גענומען — אַדי. ניט־צוגענומען. א'ע
זאַכן. א'ער אין אַרמיי ־ערהייט — אַדוו.
.
לאָזן ליגן א'. ־קייט.
אומצו'גענייט — אַדי. ניט־צוגענייט; ניט־
צוגעפֿעסטיקט מיט פֿאָדעם. א'ע לאַטע
פֿרענדזע,
לעך. ־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געפּאַסט — אַדי. וואָס איז ניט
געמאַכט עס זאָל זיך טויגן, עס זאָל פּאַסן איינס
צום אַנדערן. אַן א, פּאָרל. „א, צו דער
אַכזריותדיקער וועלט“, מינפּי, נ"י 1956. מאַט. □א'ע
גלײַכונגען = וואָס יעדערע האָבן כאָטש צוויי
אומבאַקאָנטע, אָבער זיי זײַנען פֿאַרשיידן, למשל:
□=□e+□נ(l; □)□::□כl+□נa. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומצו'געפּאָרט — אַדי. וואָס מע האָט פֿאַר
דעם ניט געפֿונען, ניט צוגעפּאַסט קיין פּאָר. א'ע
הענטשקעס. ־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געפֿירט — אַדי. 1. ניט־צוגעבראַכט
דורך פֿירן. א'ע סחורה. 2. ניט־צוגעצויגן. א'ער
עלעקטרישער שטראָם. 3. ניט־באַגלייט. א',
קומט אויס צו גיין אַליין אַהיים. ־ערהייט —
אַדוו.

אומצו'געפֿעסטיקט — אַדי. ניט־צוגעפֿעסטיקט. א'ע טיילן. אַן א'ער צו דער אָרגאַניזאַציע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געצויגן — אַדי. 1. ניט־באַווירקט, ניטבאַוועגט צוצושטיין, צו קומען צו אַ באַשטימטן פּונקט. א'ענער מעטאַל־שטויב. א'ענער צו דער אַרבעט. 2. ניט־צוגעבראַכט. א'ענער עלעקטרישער שטראָם. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געקומען — אַדי. 1. ניט־געקומען (נעענטער). א'ער עדות. 2. ניט־געוואָרן מער. א, פּראָצענטגעלט. ־ערהייט — אַדוו. זען פֿון דער ווײַט, א, ־קייט.

.

אומצו'געקייטלט — אַדי. ניט־פֿאַרמאַכט אויף (מיט) אַ קייטל. א'ע טיר. ־ערהייט — אַדוו.

אומצו'געקלאַפּט — אַדי. 1. ניט־צוגעפֿעסטיקט מיט קלאַפּן. א'ע ברעטער. 2. (בײַם קאָרטן שפּילן) ניט באַשטעטיקט דאָס אויסטאַשן. א, אויסטיילן די קאָרטן. ־ערהייט — אַדוו.

אומצו'געקליבן — אַדי. 1. ניט־צוגעפּאַסט. א'ענע קרעלן. 2. לר. ניט־אויפֿגעראַמט. א'ענע קאַמערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געקלעפּט — אַדי. ניט־צוגעפֿעסטיקט דורך קלעפּן. א'ע פּאָסטמאַרקע. ־ערהייט —

אַדוו.
אומצו'געקלערט — אַדי. ניט־צוגעטראַכט.
א'ער תּירוץ, ענטפֿער אאַזוו ־ערהייט —

אַדוו. ־קייט.

אומצו'געשלאָסן
אומצו'געקנעפּלט — אַדי. 1. ניט־
צוגעשפּיליעט אויף (מיט) אַ קנעפּל (קנעפּלעך). א, רעקל.
2. פֿיג. ניט־אָפּגעשלאָסן אין זיך. א'ע גשמה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'געקעמט, ־קאַמט — אַדי. ניט־
געבראַכט אין אָרדענונג דורך קעמען. א'ע האָר.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'געקערט — אַדי. ניט־צוגערוימט,
ניטצוגעשאַרט מיט אַ באַרשט, בעזעם אע. א, מיסט.
—ערהייט — אדוו.
אומצו'געראַמט, ־רוימט — אַדי. ניט־
געבראַכט אין אָרדענונג, ניט־גערייניקט. א'ע
צימערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'גערוקט — אַדי. ניט־געבראַכט
נעענטער דורך רוקן, שטופּן. א'ער פֿאָטערשטול.
־ערהייט — אַדוו.
אומצו'גערינגלט — אדי. ניט־פֿאַרמאַכט אויף

(מיט) אַ ריגל. א'ע טירן. ־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געדיכט — אַדי־ ניט־צוגעגרייט מיט
בּאַטעמענדיקע מיטלען. א'ע עסנס ־ערהייט

.

— אַדוו. ־קייט.
אומצו'גערירט — אדי. ניט־צוגערירט.
ניטבּאַטאַפּט. א'ע פּירות ־ערהייט — אַדוו.

.

פֿאַרקויפֿן די זעמל א'.
אומצו'גערעכנט — אַדי. ניט־אַרײַנגענומען
אין אַ חשבּון. א'ע הוצאות. א'ע אייגנשאַפֿט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצו'געשאַרט — אַדי. אומצוגעשטופּט.
אומצוגעקערט. א, מיסט. א'ע שטולן. פֿיג. א,
פֿאַרדינסטל ־ערהייט — אַדוו.

.

אומצו'געשאָרן, ־שוירן — אַדי. ניט־
געשאָרן לויט אַ מאָס. ניט־אַרומגעשאָרן אַ ביסל,
טיילווײַז. א'ענע האָר. ־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געשטאַנען — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבּונדן
מיט, ניט־אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע, בּאַוועגונג
אע. א'ער צום פֿאַראיין. 2. ניט־פֿאַרמאַטערט.
א, פֿערד. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.
אומצו'געשטופּט — אַדי. ניט־דערנענטערט

דורך שטופּן. אומצוגערוקט. א'ע צום אויבנאָן.
־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געשטימט — אַדי. וואָס האָט ניט
מסכּים געווען. די א'ע צום בּאַשלוס. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אומצו'געשטעלט — אַדי. 1. ניט־צוגעגעבן
צו אַ גרופּע, ניט אַוועקגעשטעלט אין אַ ריי. א'ע
-
שטולן. 2. ניט־צוגעליווערט. א'ע סחורה,
מאַטעריאַלן. 3. ניט־אַוועקגעשטעלט אויפֿן (בּײַם)
פֿײַער צום קאָכן. א'ע וועטשערע ־ערהייט
.
— אדוו. ־קייט.
אומצו'געשיקט — אַדי. ניט־איבערגעגעבן,
ניט־געבראַכט דורך עמעצן. א'ע סחורה,
טעלעגראַם אאַזוו ־ערהייט — אַדוו.
.
אומצו'געשלאָגן — אַדי. ניט־צוגעשלאָגן,
ניט־צוגעקלאַפּט. א, שילדל. ־ערהייט — אַדוו.
אומצו'געשלאָסן —. אַדי. ניט־פֿאַרמאַכט מיט
אַ שלאָס. א'ענע טירן ־ערהייט — אַדוו.
.
־קייט.

אומצו'געשמאָלצן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבונדן דורך שמעלצן. א, ליכטל. 2. ניט־צוגעריכט מיט פֿעטס. א'ענע זופּ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געשמידט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרבונדן דורך שמידן. א'ע אײַזערנע שטאַנגען. 2. פֿיג. ניט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. זיצן א, בײַ אַ לעקציע. ־ערהייט — אַדוו.

אומצו'געשניטן — אַדי. ניט־געשניטן לויט אַ מאָס, מאָדעל. אומצוגעפּאַסט. א'ענע שטאָפֿן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'געשרויפֿט — אַדי. ניט־צוגעפֿעסטיקט מיט אַ שרויף. א'ע טיילן פֿון מאַשין ־ערהייט

.

— אַדוו. ־קייט.

אומצו'געשריבן — אַדי. 1. ניט־צוגעגעבן שריפֿטלעך. א'ענע גרוסן. 2. ניט־פֿאַרשריבן אין אַן אָפֿיציעלער רשימה (מעטריקע־ביכער, רעגיסטערס). א'ענער זון. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצו'דרינגלעך — אַדי. וואָס שטייט ניט צו, דערקוטשעט ניט (מיט בקשות, טענות אע). ,,ער באַגלייט אים אויף טריט און שריט אויף אַן

א'ן אופֿן, מיט אַ מײַסטערישער
פֿאַרשטענדיקייט,,, יג, תּוך. ,,א, אין זייער הימאַלײַאישער
דערהויבּנקייט'', י. גאָלדקאָרן. ־קייט.
אומצוויטשערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געצוויטשערט. פּפֿ: ~צוויטערן. אַ לענגערע צײַט
אַרויסגעבּן קלאַנגען, ענלעכע צו צווי־צווי (וועגן
פֿייגל). א, ווי שוועלבּעלעך. ־ניש.
אומצווײידײַטיק — אַדי. פּפֿ: ~
צווייבּאַי
דײַטיק. וואָס האָט נאָר איין בּאַדײַט. וואָס
איז אָן אַן אַנדער מיין. אויך: אומצווייטײַטשיק
←. ''מע האָט ניט אויסגעשטעלט קיין קלאָרע
און א'ע פּראָגראַם פֿון עקאָנאָמישער פּאָליטיק'',
ימ, נײַס, 1922. ,,די שטיינער...דערציילן אונדז
גאַנץ א, וועגן דעם'', א. ש. זאַקס, דאָס לעבּן פֿון
פֿלאַנצן. ,,גאָרנישט אַזאַ א'ער קאָמפּלימענט ווי
עס קאָן זיך אין פֿלוג אויסדאַכטן'', לע, טמז,
12 XI 196l. ־יקייט — ,,די קאָנסטרוקציע
גייט קעגן אונדזער הנחה פֿון א',,, אאר, ייִשפּ
.X▯I, 3
אומצווייזייטיק — אַדי. וואָס האָט ניט מער
▯־
ווי איין זײַט, האַלט נאָר מיט איין צד.
א'ער פּסק־דין. ־יקייט.

אומצווייטייטשיק — אַדי. וואָס מע קען
--
(אויס)טײַטשן ניט מער ווי אויף איין אופֿן. „די
אויספֿאָרשונגען האָבן געוויזן א, אַז...“, מוו
איבז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז. „האָבן
קלאָר און א, געמאָלדן דעם עולם וועגן דער
גזירה„„ ישעיה טרונק, לאָדזשער געטאָ. ־יקייט.
אומצווייטקלאַסיק — אַדי. וואָס געהערט
ניט צו אַ צווייטן, ערגערן קלאַס, מין (אָבער דאָך
נישט ערשטקלאַסיק). א'ער פֿאָרשטייער,
פּרעזידענט, בירגער אע. א'ע מאַנשאַפֿט. ־יקייט.
אומצווייטראַנגיק — אַדי. דזוו
אומצווייטקלאַסיק. ־יקייט.
אומצווייפּנימדיק — [...פּענימ..., אויך:...
פּאָנימ..□] אדי. וואָס האָט ניט מער ווי איין פּנים,
דה איין כּוונה. ערלעך, אויפֿריכטיק; דירעקט.
זײַן א, צו פֿרײַנד און שׂונאים. ־יקייט.

644

אומצווייפֿלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
אומצווייפֿלדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
צווייפֿל, אַ ספֿק. וואָס מע דאַרף אין דעם ניט
צווייפֿלען. א'ע הנחות. א'ע שולד. ־יקייט.

אומצווייפֿלהאַפּט(יק) — אדי. נר. ← דפּוו.
„אַמעריקעס אומצווייפֿלהאַפּטע שטעלונג לטובֿת מדינת ישׂראל“, מעקלער, טמז, 8 X l963.
אומצווייפֿלעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ צווייפֿלער. גלייבעוודיק. א'ער צוגאַנג צו אַ דאָקומענט. ‏קייט.
אומצווייצדדימדיק — [...צדאָדימ...] אַדי.
אומצווייזײַטיק ←. ־יקייט — אָנפּשרהדיקע א'.
אומצווינגלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט צווינגען פֿעסטער, א'ער ווילן ־קייט.
. .
אומצווישנדיק — אַדי. וואָס איז ניט צווישן (צוויי צדדים, שטאַנדפּונקטן). אַ קלאָרע א'ע שטעלונג. ־יקייט.
אומצוועקמעסיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ צוועק, נוצן. וואָס לוינט זיך ניט, איז ניט נייטיק. אַן א'ע אונטערנעמונג, נסיעה פֿאָרשונג. „ס'איז
,
ניטאָ פֿאַרן זומער אַ מער א'ער טייל פֿון די בגדים ווי דער מאַנסבילשער קראַגן“, פֿגעז, ווילנע 17 1925, No. ־יקייט.
אומצוזאַמענגע־ — די זעלביקע
ווערטער ‏וואָס הייבן זיך אָן מיט

אומצונויסגעו... ←.
אומצוזאַמענדיק — אַדי. וואָס איז ניט (קען ניט זײַן) אינאיינעם. א'ע באַגריפֿן. מאַט. □א'ע גלײַכונגען. למשל: b□:□+u; a□:□+□כ.
אומצוזאַמענהאַנג — דער, ־ען. דאָס וואָס איז אָן אַ שײַכות צווישנאַנאַנד. א, פֿון צוויי געשעענישן אין דער זעלביקער צײַט.
או'מצו'זעאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע דאַרף (טאָר) ניט צוזען. א'ע אַקטן פֿון אַכזריות. „די א'ע פּראָגראַמען אויף טעלעוויזיע“, רייד.
אומצוטרוי — דער, ־ען. דאָס וואָס איז אָן געטרויען, וואָס רופֿט אַרויס אַ חשש. א, צו יענעמס רייד. א, צו אַ פֿרעמדן, ניט־באַקאַנטן. א,־וואָטום = אָפּשטימונג קעגן אַ רעגירונג בײַ אַ פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם.
אומצוטרויאיק — אַדי. נעאָל. ← אומצוטרוילעך.
אומצוטרויבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דווו.
או'מצו'טרוילעך — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין (איז אָן) צוטרוי. „ווערט פֿרעגן פֿאַרוואונדע□רט און א'„, ייִש איבז, ביאַליק, שריפֿטן.
2. וואָס צו דעם קען מען קיין צוטרוי ניט האָבן. א'ער עדות. ־קייט.

אומצו'טריטלעך — אַדי. וואָס צו דעם איז
קיין צוטריט ניטאָ, וואָס איז צו טײַער, צו הויך.
אומדערגרייכלעך, אומצוגענגלעך. א'ע פּרײַזן.
זײַן שטאָלץ און א'. „אײַנדרוקן וואָס זײַנען...
ניט געווען פֿאַרגעסן אויף אַן אמת, זיי זײַנען
מערניט געווען א,,,, מוו איבֿז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר
אין פּסיכאָאַנאַליז. „די געטאָ איז געווען באַפּרײַט
און א, פֿאַרן...שׂונא“, יג, טמז, 24 1964 I.
־קייט.

או'מצונוי'פֿבייגיק

אומצו'טרעטלעך — אַדי. וואָס מע קען צו
דעם ניט צוטרעטן. א'ע באַרגשפּיצן. דזוו
אומצוטריטלעך. ־קייט.
אומצו'טרעפֿלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט צוטרעפֿן. א'ע קאַפּריזן.
אומצוימלעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט זיך
(מע קען) ניט צוימען, קאָנטראָלירן. א'ער אָגער.
א'ער טעמפּעראַמענט. א'ע מעשׂים. „קוים האָט
דער א'ער כּוח זיך אָנגעהויבֿן צו באַוועגן קאָן
שוין אַלץ ווערן מעגלעך“, ל, טמז, 24 1965 I.
־קייט.
אומצוימען — טרוו. צוים אום, ~געצוימט.

← אומצאַמען. "דיא וועלטליכי צײַט האָט אים אום גיצוימט דשׂ קיין שלוה...קומן קאַן", משה אײַזענשטאַט איבּז, דרך הישר לאבֿן בּוחן, [אָרט ?] 1746.

אומצוכט — די, ־ן. 1. אומריינקייט, מיאוסקייט; דאָס וואָס רופֿט אַרויס עקלדיקייט. "דאָס שטענדיקע פֿוילן אין א, און אומבּאַהאָלפֿנקייט האָט בּאַשאַפֿן דעם אומפֿאַרשעמטן שנאָרער,,, מר I ?, נ"י 1910. ,,דאָס פֿלייש געבּוירט נאָר א', דײַן משיח וועט ניט קומען,,, צײַט, געזאַמלטע לידער III פֿאַרקראָכן אין אַ קלאָזעט פֿול מיט א',,, דטש, ווילנע. "ווען דער מענטש לעבּט אומריין, דאָרט פֿאַרשפּרייט זיך לײַכט א, און פֿאַרלײַזטקייט", [פֿון אַ בּראָשור וועגן פֿלעקטיפֿוס, אַזע]. 2. אומריינער מענטש [אויך מיט ד ע ?]. דער א', דער שמאַראַוואָזניק. ,,איך האָבּ נאָך אַזוי אַן א, אין מײַן לעבּן ניט געזען", אמד, די שטיפֿמוטער, וואַרשע 1864.

3. מאָראַלישע מיאוסקייט, ווילדע צעלאָזנקייט, זנות. "זי בּגערט געלט צו פֿר דינן מיט אום צוכט,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ,,ער וועט ווערן קראַנק...דורך סם וואָס

פֿרויען וועלן אים איַנגעבן אָדער ער וועט
אומקומען דורך א, (זנות)‚‚ איבֿז פֿון מ. א. גאַלינו,
חכמת היד, וואַרשע 1882. ‚‚די יעניקע — מיט א,
אין געוויסן און געמיט‚‚, בראָד, אויסגעקליבֿענע
שריפֿטן. .א, טרײַבן = לעבן אין א'. ‚‚און,
גרוש און צוכט ער טרײַבט“, ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686. ‚‚דען דאָס איז ידוע אַז די מצרים
זענען געוועזן שטופֿי זמה, ד“ה זיי האָבן א,
געטריבן“, דער רײַזנדער, וואַרשע 1883. אויך:
א, גיין. ‚‚אירי זין גינן און צוכט גאַנץ פֿרייא“,
צוכט.
4. זונה, אויסגעלאַסענע. ‚‚רעדן וועגן דער
אויסטערלישער שיינקייט פֿון אָט דער א'..., די
זונה מיט די קאַלמיקישע אויגן“, חג, טמז,
.X 19 3 9
5. ד ע ר. שאַנדמאַן, קדש. אורח
פֿאַרטײַטשט ,קדש, (מלכים א, יד, 24): “אונצוכט‚‚
[תּי: ‚‚שאַנדמאַן]. ־יק — אַדי. ־יקייט.
או'מצו'לאָזלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
(דאַרף, טאָר) ניט צולאָזן. א'ע פֿרײַקייטן.
־קייט.
אומצולהכעיסדיק — [...לעהאַ'כעס..., אויך:
...לאָ'כעס..] אַדי. וואָס איז ניט אויף להכעיס.

אַ שאַרפֿער, אָבֿער א'ער ענטפֿער. ־יקייט.
או'מצונוי'פֿבֿייגיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט צונויפֿבֿייגן. א'ע צווײַגן. ־יקייט.

אומצונויפֿבֿרענגיק

אומצונויסבֿרענגיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (דאַרף) ניט צונויפֿבֿרענגען. א'ע שׂונאים.
א'ע ראַיות. ־יקייט.

אומצונויסגיסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט צונויפֿגיסן. א'ע פֿליסיקייטן. ־יקייט.
אומצונויפֿגעבֿונדן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעבֿונדן. א'ענע גאַרבֿן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומצונויפֿגעגאָסן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעגאָסן. א'ענע פֿליסיקייטן. א'ענע
אָרגאַניזאַציעס.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצונויפֿגעדרייט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעדרייט. א'ע שטריק. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אומצונויטגעוואַקסן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעוואַקסן. א'ענער ביין. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.

-

אומצונויסגעזוכט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעזוכט. א'ע דאָקומענטן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

□

אומצונויסגעזעצט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעזעצט. באַזונדערע א'ע טײלן. ־ערהייט —
אַדוו ־קייט — דער חסרון פֿון א'.

.

אומצונויפֿגעטראָגן — אַדי. 1. ניט־
צוזאַמענגעטראָגן. א'ענע זאַכן. 2. וואָס איז אָן
פֿרײַנדשאַפֿט; וואָס קומען ניט דורך צווישן זיך.
א'ענע קרובֿים.

-

אומצונויסגעטריבן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעטריבן. א'ענע בהמות. ־ערהייט — אַדוו.
קומען א'.

אומצונויפֿגעלייגט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעלייגט. א'ע פּאַפּירן. —ערהייט — אַדוו. ־
קייט.

□

אומצונויפֿגעמישט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעמישט. א'ע פּראָשקעס. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

□

אומצוניסגענומען — אַדי. ניט־
צוזאַמענגענומען. א'ע באַוויַזן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

□ □

אומצוניסגעסאָרן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעפֿאָרן. א'ענע מחותּנים.
אומצוניפֿגעפֿירט — אַדי. 1. ניט־
צוזאַמענגעפֿירט. א'ע סחורה. 2. ניט־דורכגעפֿירט בײַם
פֿאַרמיטלען. א'ער שידוך. א, געשעפֿט. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצוניפֿגעפֿלאָכטן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעפֿלאָכטן. א'ענע צווײַגעלעך. ־ערהייט —
אַדוו.
אומצוניפֿגעפֿלאָסן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעפֿלאָסן, ניט־צוזאַמענגעגאָסן אינאײנעם. "פֿון
פֿעלזנשפּיץ ,גוטע האָפֿענונג, זעט מען קלאָר די
א'ענע וואַסערן פֿון אַטלאַנטיק און פּאַסיפֿיק",,,
רייד. ־קייט.

אומצונויסגעצויגן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעצויגן. א'ענער קאָרסעט. א'ענע סומע. ־
ערהייט — אַדוו.
אומצונויפֿגעקויפֿט — אַדי. ניט־געקויפֿט
אין פֿאַרשיידענע ערטער (בײַ פֿאַרשיידענע
מענטשן). א'ע תּבֿואה.

645

-

אומצונויסגעקומען — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעקומען. א'ע געסט.
אומצונויפֿגעקליבן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעקליבן. א'ענע בײַשטײַערונגען.
אומצונויפֿגעקלעפּט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעקלעפּט. צעריסענע, א'ע זײַטלעך. ־ערהייט

— אַדוו.

אומצונויסגערוסן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגערופֿן. א'ענע פֿאַרזאַמלונג. ־ערהייט — אַדוו.

אומצונויסגערעדט — אָדי. ניט־
צוזאַמענגערעדט (זיך). א'ער פּאָליטישער אַקט. ־ערהייט
— אַדוו. קומען א'. ־קייט.

אומצונויסגעשאָטן — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעשאָטן. א'ענער זשוויר.

אומצונויסגעשאַרט — אַדי. ניט־
צוזאַמענגעשאַרט. א, זאַמד. ־ערהייט — אַדוו.
אומצונויפֿגעשטעלט — אַדי. ניט־

צוזאַמענגעשטעלט (פֿון באַזונדערע טיילן). אַן א,
רעטעניש־בּילד. א'ע ניימאַשין. א'ער סדר־היום.
־ערהייט — אַדוו.

אומצונויסדרייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט צונויפֿדרייען. א'ע שטאָלענע שטריק.
־יקייט.

אומצונויסטרעסיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען
זיך ניט צונויפֿטרעפֿן. א'ע אויסטערלישע
געשעענישן. ־יקייט.

אומצונויסמישיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט צונויפֿמישן. א'ע מאַטעריאַלן.
אַנדערשדיקע און א'ע אייגנשאַפֿטן ־יקייט.

.

אומצונויפֿנעמיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט צונויפֿנעמען. א'ע עשירות פֿון ווערטער.

־יקייט.

אומצונויפֿפּרעסלעך — אַדי. וואָט מע קען
ניט צונויפֿפּרעסן. א'ע מאַטעריאַלן. ־קייט —
,,...הויפּט־אייגנשאַפֿטן [פֿון סאָלידע קערפּערס]
זײַנען א, און האַרטקייט“, גןטנ.

אומצונויפֿפֿאַליק — אַדי. נעאַל. וואָס פֿאַלן
ניט צונויף. צוויי א'ע דאַ􏰀 ועס לויטן לוח און
אַלגעמיינעם קאַלענדאַר. ־יקייט.

-

אומצונויסציאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט צונויפֿציִען. לויזער, א'ער קנופּ. א'ע גרויסע
צאָלן ־יקייט.

.

אומצונויפֿקויפֿלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט צונויפֿקויפֿן. א'ע דימענטן ־קייט.

.

אומצונויפֿקלעפּיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט צונויפֿקלעפּן. א'ע פּלאַסטישע
מאַטעריאַלן ־יקייט.

.

אומצונויפֿשמעלציק — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט צונויפֿשמעלצן. א'ע מעטאַלן. ־יקייט.

אומצו'פּאַסלעך — אדי. וואָס מע קען ניט
צופּאַסן. א'ע טיילן. ← דוווו ־קייט.

.

אומצו'פּאַסעוודיק — אַדי. וואָס שטענדיק
(לויט דער נאַטור) איז אוממעגלעך צוצופּאַסן.
אַן א'ער צו דער אַרבעט. א, פּאָרל ־יקייט.

.

אומצופּן — טרוו. צופּ אום, ~געצופּט. 1. אַ
לענגערע צײַט צופּן, ציִען, פֿליקן. זיצן בײַ אַ
ספֿר און א, די באָרד. 2. אַרומצופּן ־עניש.

.

אומצו'פֿעליק — אַדי. וואָס איז ניט לויט אַ

אומצוריקגיביק

צופֿאַל (אָבער ניט דווקא איבער אַן
אינעוויייניקסטער נויטווענדיקייט). א'ע קייט געשעענישן.
־יקייט.
אומצופֿרידן — אַדי. 1. וואָס איז אָן
באַפֿרידיקונג, סאַטיספֿאַקציע; וואָס איז מיט אַ געפֿיל
פֿון ניט־דערגרייכן דאָס געוואונטשענע. אַן א'
ענער מענטש. א, מיט די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן.
זײַן א, מיט אַ ניט־געלונגענער פֿאָרשטעלונג,
מיט אַ שוואַך בוך. „ווי איך האָב געהערט דײַן

ווייַב זינגענדיק פֿאַרשטיי איך גאַנץ גוט אַז זי

,

איז העכסט א'", [אמד], הנסיון, ווילנע 1856.
,,מיט וואָס זשע זענט איר אַזוי א'? מיר דאַכט
זיך אַז קיין סך אַזעלכע גליקלעכע ווי איר איז
נישטאָ,,, ספּ, סודות. 2. וואָס דריקט אויס
געפֿיל פֿון ניט זײַן צופֿרידן. מיט אַן א'ענער
מינע. עפּעס אַן א'ענער שמייכל. מיט אַן א'ענעם
מאַך מיט דער האַנט ־ערהייט — אַדוו.

.

-

אומצוסרידנהייט — די, ־ן. דטשמ. דזוו
אומצופֿרידנקייט. ,,האָבן אַלע אויסגעדריקט
זייער אומווילן און א, קעגן דעם פֿאָרפֿאַל",
יופֿאָל, 25 1882 II פֿלעגט ער שטענדיק
אַרומ ,, .
גיין אומצופֿרידן און פֿלעגט...דעם ווייַב
אויסדריקן זײַן א, מיט דער האַנט", צ. ח. האָרנשטיין,
זלידניעפּקער לעבענדע פֿאָטאָגראַפֿי, באַרדיטשעוו
תּרנ,,א. ,,און וואָס אַ טאָג ווײַזן זיי עפֿנטלעך
אַרויס זייער א'", ראו־טקי, די גליקלעכע מאָדע,

וואַרשע 1902. ,,...ניט האָבן קיין גרונט פֿאַר
א'‘‘, מך I□ו, נ"י 1910.

□

אומצוסרידנקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ, אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומצופֿרידן. אַרויסווײַזן א., ,,אין פּנים בײַטן זיך אים די פֿאַרבן — דאָס איז אַ חסרון: ער ווײַזט אַרויס א, אין מיטן שפּיל‘‘, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'.

אומצופֿרידנשטעליק — אַדי. וואַס איז ניט גענוג גוט, מע זאָל קענען זײַן צופֿרידן. א'ע אַרבעט. א'ע פּשרה. ־יקייט.

אומצופֿרידנשטעלנד — אַדי. דטשמ. נר. דזוו אומצופֿרידנשטעליק. ‘‘דער בײַטל [פֿון קאַנגורו] איז אַן א'ער ממלא־מקום פֿון שוואַנגערשאַפֿט‘‘, ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן, נ"י 1931.

אומצו'ציאיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען ניט צוציִען; וואָס ציט ניט צו. ← דווון. א'ער אָנבאָט. ־יקייט.

אומצו'צ□עוודיק — אַדי. וואָס שטענדיק (לויט דער נאַטור) קען עס ניט צוציִען. ← דפֿוו.

א'ע פֿערזענלעכקייט. ניט־מאַגנעטיזירט, א, אײַזן. ־יקייט.

אומצו'צ▯ענדיק — אַדי. 1. וואָס ציט ניט צו. א'ע אַטראַקציע. 2. איזאָלירט (וועגן עלעקטרישן שטראָם). א'ע דראָטן.

אומצו'קלייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט צוקלייען. אַן א, שערבל פֿון אַ וואַזע.

אומצו'קלײַביק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען צו דעם ניט צוקלײַבן פּאַסיקס. א'ע הויזן צום רעקל.

אומצו'קלעפּיק — אַדי. וואָס מע קען ניט צוקלעפּן. א'ער קאַרטאָן. ־יקייט.

אומצוריקגיביק, ־געביק — אדי. וואָס מע קען ניט געבן צוריק. א'ע מלוכה־הלוואה. ־יקייט.

אומצ▯ריקגייאיק

אומצוריקגייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס גייט ניט (קען ניט גיין) צוריק. א'ע צײַט. א'ער שטראָם. ־יקייט.

אומצוריקגעבראַכט — אַדי. ניט־געבראַכט צום פֿריִערדיקן אָרט; ניט־צוריקגעגעבן. א'ע ביכער אין ביבליאָטעק. ־ערהייט — אַדוו.

אומצוריקגעגעבֿן — אַדי. ניט־געגעבֿן צוריק. א'ענער חובֿ.
אומצוריקגעהאַלטן — אַדי. 1. ניט־איַינגעהאַלטן; אַרויסגעוויזן. א'ענער כּעס. 2. ניטצוריקגעשטויסן. א'ענער אָנגריף. ־קייט.
אומצוריקגעטראָגן — אַדי. 1. אומצוריקגעבֿראַכט דורך טראָגן. א'ענע כּלים. 2. ניטאיבֿערגעגעבֿן צום ערשטן מקור. א'ענע רכילותן. ־ערהייט — אַדוו.
אומצוריקגעטראָטן — אַדי. ניט־געגאַנגען אויף צוריק. א'ענער שׂונא. א'ענע פּרינציפּנדערקלערונג. ־ערהייט — אַדוו.
אומצוריקגעטריבֿן — אַדי. ניט־געטריבֿן צום פֿריִערדיקן אָרט. א'ענע דעמאָנסטראַנטן. ־ערהייט — אַדוו.
אומצוריקגענומען — אַדי. 1. ניט־גענומען וואָס מע האָט געהאַט געגעבֿן. א'ע מתּנה. 2. וואָס איז אָן אויסדרוק פֿון חרטה. א'ע באַשולדיקונג. ־ערהייט — אַדוו.
אומצוריקגעענטפֿערט — אַדי. וואָס איז אָן אַ ניַיעם ענטפֿער (אויף בֿייזע רייד). א'ע באַליידיקונג ־ערהייט — אַדוו.

.

אומצוריקגעפֿאָרן — אַדי. ניט־געפֿאָרן צום

פֿריִערדיקן אָרט. א'ענע אימיגראַנטן.
אומצוריקגעפֿירט — אַדי. ניט־געפֿירט צום
פֿריִערדיקן אָרט. א'ע קינדער.
אומצוריקגעצאָלט — אַדי. ניט־
צוריקגעגעבן אין געלט אָדער אין אַן אַנדער פֿאָרעם.
א'ער חובֿ. א'ע קלעפּ. ־ערהייט — אַדוו.
אומצוריקגעצויגן — אַדי. 1. וואָס מע האָט
אויף דעם קיין חרטה ניט געהאַט, ניט גענומען
צוריק. א'ענע רעזאָלוציע. א'ענע באַליידיקנדיקע
ווערטער. 2. וואָס בלײַבט בײַ אַן אַרבעט, אויף
אַ שטעל. א אַפּילו אויף דער עלטער. 3. וואָס
,
באַטייליקט זיך אין געזעלשאַפֿט, בלײַבט צווישן
מענטשן. א, אַפֿילו אין איר אַלמנהשאַפֿט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצוריקגעקומען — אַדי. ניט־געקומען
ווידער צום פֿריִערדיקן אָרט. א'ע עמיגראַנטן.
־ערהייט — אַדוו.
אומצוריקגעקערט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט געבראַכט צוריק; ניט־געקומען צוריק. א'ע
ביכער. די א'ע פֿון דער נסיעה. ־ערהייט —
אַדון.
אומצוריקגערופֿן — אַדי. 1. ניט־גערופֿן צו
קומען צוריק. א'ענער שליח. 2. ניט־אַנולירט,

ניט־אָפּגעשאַפֿן. א'ענער באַפֿעל. ־ערהייט —
אַדוו. קומען אַליין, א'. ־קייט.

אומצוריקגעשטאַנען — אַדי. ניט־
אָפּגעש□ואַנען. א'ע קינדער. א'ער טראַנספּאָרט.
־קייט.

אומצוריקגעשטו□סן — אַדי. ניט־
אָפּגעשטופּט צום פֿריִערדיקן אָרט. א'ענער אָנפֿאַל(ער).

א□מצוריקגעשטעלט — אַדי. 1. ניט־
געשטעלט אויפֿן פֿריִערדיקן אָרט. א'ע ביכער. א'ע
לײַכטערס. 2. ניט־געבראַכט צום פֿריִערדיקן
מצבֿ (פּאָזיציע, מאַכט). א'ע מאָנאַרכיע. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצוריקגעשיקט — אַדי. ניט־געשיקט צום
פֿריִערדיקן אָרט אָדער באַזיצער. א'ער בריוו. א'ע
ערבֿניקעס. ־ערהייט — אַדוו.

אומצוריקגעשלאָגן — אַדי. 1. באַקומען
געשלאָגן און ניט געשלאָגן צוריק.
אומצוריקגעשטויסן. א'ענע שלעגער. א'ענער אָנגריף.
2. ניט־אָפּגעווענדט. א'ענער אַרגומענט.

אומצוריקצאָליק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען

ניט צוריקצאָלן. א'ע טובֿה, רעה. ־יקייט.
אומצוריקציאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט צוריקציִען. א'ע הבֿטחות, צוזאָגן. א'ער אָפּמאַך. ־יקייט.

-

אומצוריקרוסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט צוריקרופֿן. א'ער עדיקט. א'ע גזירה. ־יקייט.
או'מצו'רירלעך — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף, טאָר) זיך ניט צורירן צו דעם. א'ע הייליקייטן. א'ע וואונד. א'ע לוקסוס־אַרטיקלען. ־קייט.
אומצורעכטגעמאַכט — אַדי. ניט־פֿאַרריכט. א'ע מאַשין.
אומצורעכטגעקומען — אַדי. ניט־דורכגעקומען. א'ע תּנאָים, פּרײַזן.
או'מצו'שטימיק — אַדי. וואָס שטימט ניט צו, איז ניט מסכּים. „די א'ע מוזן ניט שטימען קעגן. זיי קענען זיך אָפּהאַלטן“, רייד. ־יקייט.
או'מצו'שטעליק — אַדי. וואָס מע קען ניט צושטעלן. א'ע באַשטעלונג. ־יקייט.
אומציאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומציִען ←.
אום־צי־גראָד — דער. נאָמען פֿון אָ

קינדערשפּיל צו טרעפֿן גראָד אָדער אומגראָד. [איין קינד האַלט פֿאַרקוועטשט אין האַנט (אָדער אין אַ טיכל, אין קעשענע) ניסלעך, קערלעך, קנעפּלעך אע און פֿרעגט דעם מיטשפּילער: „אום צי גראָד?“ ווען יענער טרעפֿט ריכטיק, האָט יענער געוואונען]. „האָט אונדז אויסגעלערנט שפּילן אין קנעפּלעך און קניפּלעך אין מם־שין־הא אין א'־צ'־ג',„ שע, ייִדישע קינדער.

או'מציווי'ל — אַדי. 1. וואָס איז ניט ווי בײַם (פֿאַרן) געוויינלעכן בירגער. א'ע האַלבּ־מיליטעדישע קליידער. 2. ניט־וועלטלעך. א'ער חתונהאַקט ־קייט.

.

אומציוויליזירט — אַדי. 1. וואָס איז אָן רעזולטאַטן פֿון ציוויליזאַציע. אָפּגעשטאַנען; פּרימיטיוו. „אין יענע צײַטן איז די וועלט געווען גאַנץ א'“, צ. נ. גאָלאָמבּ, דער פֿערבּאָטענער בּרית, ווילנע 1894. „בּאַרבּאַרישע, א'ע לענדער,„ פֿאָר, 2 .28 1963 ▯ I. אומקולטורעל; אומגעלערגט. ניט־ראַפֿינירט. א'ע האַלטונג. „בּאַרבּאַרן, ווילדע, א'ע האַבּונעס — זיך צו שלאָגן איבּער קאָנקורענץ“, ווינטש I, נ"י 1920. ־קייט — „אונטערדריקן רעליגיעזע פֿירונגען און עיקרים געהערט צום געמיינסטן מין אונטערדריקונג און

איז דער בּולטסטער סימן פֿון א',,, לע, טמז,
.27 □ 1962

אומצײַטיקלעך

אומציוניסטיש — [...ציִ־יאָניסט, ציִאָניסט.. □]
אַדי. וואָס איז ניט אין גײַסט (דרך) פֿון ציוניזם.
האַלטן אַן א'ע רעדע ־קייט.

□

אומצײַט — די, ־ן. שלעכטע, סכּנותדיקע צײַט.
צעטומלטע תּקופֿה. לעבן אין אַו א', בּעת
פּאָגראָמען און מלחמות. ,,אפֿשר וועט זײַן אַ
הפֿסקה, אַן איבּעררײַס, אַן ערבֿ־צײַט, אַן א',
איידער דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רעוואָלוציע
וועט מיד ווערן פֿון זיך אַליין,,, שנ, טאָג,
.IX 1954 25
אומצײַטווײַליק — אַדי. ניט־צײַטווײַליק
(אָבער אויך ניט בּאַשטענדיק). אַן א'ע סיטואַציע
וואָס וועט זיך אַזוי גיך ניט בּײַטן. ־יקייט.
אומצײַטיק — אַדי. 1. וואָס איז נאָך ניט
אינגאַנצן פֿאַרטיק צום עסן, בּכלל צו בּאַניצן
זיך מיט דעם. ,,דיא און, צייטיגן פֿײַגן...איז און
מער [←. אונמע□] צו עשׂן“, מ. שערטילש, ספֿר

ירמיה, פּראָג 1602, כט, 17. „די בּרכה שהכּל מאַכט מען...איבּר בּיר און מעד, איבּר און צײַטיג אופּס“, לט1, קמא/א. „הבסר משהבִּיא מים אוכל בו פּתו בּשׂדה — א'ע פּירות, ווי זיי בּרענגען זאַפֿט, מעג ער דערמיט עסן זײַן בּרויט אין פֿעלד“, משניות, זרעים, קעניגסבּערג 1861, נו/ב. „דא ווערן דיא אום צײַטיגן פֿײַגן אבּפֿלן„, סהמ, ישעיה, כח, 2. „קיין אום צײַטיגי פּירות צו עשׂן זי מעגן זײַן פֿריש אבּר [= אָדער] גדערט, דען זי זענן מסוכּן“, עץ חיים [פֿיורדא תּקנ„] כו/ד. „דער וואָס האָט געגעסן א'ע ווײַנטרויבּן דעם ווערלן זײַנע ציין אײַליק זײַן„, חה, ח„בּ, ll8. „גרינע און זויערע אוגערקעס, רויע א'ע פּירות וכּדומה„, קמ, 27 1866' No.

2. ניט־אויסגעטראָגן בּיזן סוף, געבּוירן פֿאַר דער צײַט. אַן א, קינד, אַ זיבּעלע. מלל פֿאַרטײַטשט 'טובֿ ממנו הנפֿל, (קהלת, ו,3): „אום צײַטיק גבּורד„ [תּי: „מפּיל־קינד“]. „סטראָיען זיך די יִידישע טעכטער פֿון זיי אויס א'ע קינדער“ [דאָ איר], דלוגאַטש, די וועלט־מסורה, וואַרשע 188l. „זי האָט זיך אפֿשר מיט עפּעס אונטערגעריסן און דאָס בּרענגט אויף דער וועלט אַן א'ן נפֿש„ מר III, נ„י 1908 פֿיג. אַן א, בּוך.

.

3. וואָס איז פֿריִער ווי עס דאַרף זײַן. „
ווערשׂטו ערנצט זײַן בײַא טאָג און בײַא נכט אין דער
תּורה, דרפֿשׂטו פֿר קיין אום צײַטיגן טוט האבּן
מורא„, עיון, 1/23. “און בּהיט אונז פֿון אַלים
בּייזן גשעכנישׂ דיא דא קומן און די וועלט,
איין אום צײַטיג טויט פֿון דבֿר און הונגר...„,
תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858, ה/א [איבּערדרוק
פֿון דירנפֿורט 1798]. „די פּאָריאַדקעס...מיט די
עליות, שטעט אויבּנאָן, חתן־תּורה מיט...פּעטש,
די טאַקסעס, די א'ע חתונות„, י. י. ווײַסבּערג,
ייִפֿאָל, 50 1882' No.
4. וואָס איז ניט אין דער ריכטיקער, פּאַסיקער
צײַט. א'ער פּראָיעקט, פֿאָרלייג. אמד האָט אַ
גרעסערע דערציילונג דער אונצײַטיגער בּעזוך,
ווילנע 1878. „פֿריצײַטיקע און א'ע
הספּדימּמאַכערס„, שנ, טמז, 7 1954 III. ־יקייט.
אומצײַטיקלעך — אַדי. האַלבּ־צײַטיק,
האַלבּאומצײַטיק. וואָס איז נאָך ניט בּיזן סוף צײַטיק,
פֿאַרטיק. „[אויף] א'ע אויפּסין וואָס מע קען זיי
עסן רויערהייט [מאַכט מען] בּורא פּרי העץ
אָדער שהכּל„, בּרכות מנחם, [קעניגסבּערג
תּרי“ח], ע/כ.

אומצײַטיקס

אומצײַטיקס — דאָס. מצ נבֿ. דאָס וואָס איז
אומצײַטיק (←.), ספּעצ אומצײַטיקע פּירות. תּי
פֿאַרטײַטשט 'יחמס כּגפֿן בּסרו, (איובֿ, טו, 33):
„ער וועט אָפּשאָקלען ווי אַ ווײַנשטאָק זײַן א'".
אומצײַטלעך — אַדי. 1. וואָס פּאַסט זיך ניט
צו דער צײַט. ← אומצײַטיק, בּ4. אַן א'ע
דערמאָנונג. 2. וואָס איז ניט צו דער
בּאַשטימטער צײַט. דאָס א'ע קומען, אַוועקגיין. ־קייט.
אומצײַטמעסיק — אַדי. וואָס איז ניט בּהסכּם
מיט (צוגעפּאַסט צו) דער צײַט. צײַטלעך. א'ע
אונטערנעמונג. ־יקייט.
אומצייכענען — טרוו. ־כן אום, ~געצייכנט.
1. אַרומצייכענען. א, מיט אַ רעמעלע פֿון
בּלימלעך. 2. איבּערצייכענען. פֿאַרריכטן און
נאָך בּעסער — א'. 3. (שנײַדעריש) צייכענען
פֿונדאָסנײַ בּײַם פּאַסן. א, די טאַליע. ־ונג.
־כעניש.
אומציילבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דוווו.
„צו די א'ע מיליאָנען פֿון פֿאָרמען, וועלכע
האָבּן זיך אויסגעבּילדעט פֿונעם רויען שטאָף
פֿון אונדזער פּלאַנעט", דער וואַרער ציל פֿון
אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901.
אומציילִיק — אַדי. וואָס מע קען ניט ציילן;

זייער אַ סך. „מיר שטראַלן א'ע ליכטער אין
מעכטיקער, אייביקער פּראַכט„, י. באָוושאָווער,
גש, נ„י 1911. „זאָל ער אים זאָגן...א'ע מאָל„,
ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע)ות II, סאַטמאַר
תּרל"ב. „אינסעקטן וואָס שפּײַזן זיך אויף
בלעטער, אָדער די א'ע אַפּירן„, ש. בלום, דער בוים
— ן לעבן, נ"י 1931. „א'ע אַרבעטן פֿאָרשונגען,
ן ,
...מוזן ערשט קומען ביז אַ צווייטער גרעץ וועט
אויפֿשטיין„, קאָר II ־יקייט — "זאָל איך
.
פֿאַר מײַנע אויסגעציילטע טעג דערזען אַ שטעג
צו דער א'„, מבא, דעך גייעך.
אומציילן — טרוו. צייל אום, ~געציילט. אַ
לענגערע צײַט ציילן. האַלטן אין איין א, און
אַלץ ניט וויסן קיין רעכטן חשבון.
אומציילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען ניט
ציילן (לויט דער נאַטור פֿון דער זאַך).
אומציילִיק. א'ע שטערן. ־יקייט.
אומציכטיק — אַדי. 1. שטאַרק אומריין;
עקלדיק. א'ע כלים. „טו אָפּ פֿון מיר די
אומריינע קליידער, די א'ע שמאַטעס. לאָמיך קענען
ווײַזן דעם פּנים פֿאַר דער וועלט", מרדכי
אָסטדאָווסקי, אַ מענטש אָהן אַ קאָפּ, זשיטאָמיר

1876. ,,אים ני□ו געבן קיין שווערע און א'ע אַרבּעט,,, פּ. קריטשעווסקי, יודען אונד יודענטהום, באַרדיטשעוו 1894. ,,און דאָס טעאַטער גופא...אַ קליינס, אַן אָרעמס, אַן א'ס,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן II. ,,זי האָט זיך אָפּגעשאָקלט פֿון אים ווי פֿון אַן א'ער זאַך,,, אָפּאַ, טענצערין.

2. אוממאָראַליש. א'ע געדאַנקען. א'ער מסחר.

3. גראָב, וואולגאַר, ניבול־פּהאיק. "און ער זאָל גיוואָרנט זײַן דז אים קיין און ציכטיג וואָרט זאָל אויז זײַנם מויל הרוישׂגין,,, לט1, 1/50. ,,זי האָט אין זיי דערוואוסט קיין איינציקן א'ן אויסדרוק", אמד, מוטער אונ טאָכטער, ווילנע 1887*

4. חוצפּהדיק, חצופֿהדיק. ,,זעט נאָר וואָס איין פֿאַרוואַשן פּנים ער האָט ווי אַן א, ווײַב [אין

טעקסט פֿון יוזעפֿאָוו, תּקצ,,ח: אשה זונה] וואָס זאָגט: זי [אי□] זייער ערלעך", א. פּאַוויר, גדולת יוסף, וואַרשע 1847.

אומציכטיקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ, אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומציכטיק. ,,איין איטליכי פֿרויא זאָל...דיא זאָקן צו בּינדן

דז זי ניט הראבּ הענגן, עשׂ איז איין
אונציכטיקייט", בּראַנט. „און, זי זײַנן אלי גשטארבּן
אין אום ציכטיקייט„, יוסיפּון, פּיורדא 1764.
„זײַן פּאַראַכטן די א, פּון קאַבּצאַנסק", שנ,
וועגן ידישע שרײַבּער I.
אומציל — דער, ־ן. נעאַל. 1. דאָס וואָס איז אָן
אַ ציל. היפּוך פּון ציל. „נישטאָ דאָרט קייו ציל
און קיין א'", י. מאַניק. 2. שלעכטער ציל.
וועלן רײַך ווערן איז אַן א, אין לעבּן.
אומצימבּלען — ־בּל אום, ~געצימבּלט. אוטוו
— אַ לענגערע צײַט צימבּלען, קלאַפּן (אין
צימבּל) אע. א, אויף דער מאַנדאָלינע. טרוו —
(וואוילינגעריש) אַ לענגערע צײַט שמײַסן,
שלאָגן (פּון אַלע זײַטן). אָנצימבּלען. א, עמעצן,
אַז מע זאָל אים דאַרפּן אַוועקטראָגן אין אַ לײַלעך.
־עניש.
אומציניש — אַדי. ניט אינגאַנצן ציניש.
„— צינישע רייד! — ניין, ס'איז א', ווײַל
אמתדיק„, רייד. —קייט.
אומצינקעווען — טרוו. ־קעווע אום, ~
געצינקעוועט. 1. בּאַגיסן (פּאַרריכטן) מיט צינק פּון
אַלע זײַטן. א אַ כלי. 2. איבּערצינקעווען,
,
פּונדאָסנײַ צינקעווען.

אומצ עןֿ — צי אום, ~געצויגן. אוטוו —
1. אַרכ, איצט דטשמ. אַרומפֿאָרן, פֿאָרן פֿון אָרט צו אָרט. „איין גיווירץ קרעמער איז אום גיצוגן פֿון שטאָט צו שטאָט„, לט1, קטז/ב. 2. אומוואָגלען, נע־ונדעווען. „איך וויל גין אונ, וויל אין גלות אום ציהן, דען מיר האָבן גלערנט (גלות מכפּר עון), דאשׂ איז טײַטש: ווען איינר אום ציהט זא פֿר גיבט אין הקב"ה זײַן זינד„, מב, מעשׂה כח. „איך וויל גיין און וויל אין גלות א', דען מיר האָבן געלערנט (גלות מכפּר עוון)„, פּאַוויר, ספֿורי הפֿלאות. 3. דטשמ. בּײַטן אַ וואוינאָרט, איבּערקלײַבּן זיך אין אַן אַנדער דירה. א, פֿון דאָרף אין שטאָט.
טרוו — 1. אַ לענגערע צײַט ציִען פֿירן.

אַרומציִען. א אַ דראָט־ליניע און מאַכן אַן

עירובֿ. 2. איבּערציִען. א, די קרעלן אויף אַ פֿעסטערן פֿאָדעם. 3. אַרכ. אַרומפֿירן. „איין קבּצן דער אום ציהט איינם קבוץ בּריוו פֿון שטאָט צו שטאָט, דאשׂ ער זיך דר נערו וויל„, לט1, מז/א. 4. אַרכ. שלעפּן, צופּן, רײַסן. „אונזרי עלטרן דשׂ זיא אום גיצוגן ווערדן בּײַא

אירן בּערטן [= בּער] ,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661.
־עכ ן. ־עניש.

אומצ ען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. דזוו אומציִען, אוטוו, בּ3. ,,דער גרעסטער טייל פֿון די היזיקע איַנוואוינער מוזן זיך בּאַלד נאָך ראָש־השנה א, פֿון איין וואוינונג אין איין אַנדערער,,, ייִפֿאָל, 42 1886 'No.

אומציעשען זיך — אוטוו. ־שע זיך אום, זיך ~געציעשעט. אויך: ~טיעשען זיר. סל. וורר. אומוויַלן זיך; שפּילן זיך. א, זיך ווי אַ

אומץ־לבֿ

קינד מיט אַ ליאַלקע. 2. האָבּן פֿרייד פֿון נעמען נקמה. א, זיך מיט אַ שׂונא, אָנטרינקען זיך מיט זיַן בּלוט.

-

אומציסער — דער & די, ־ן (אויך מצ ווי אצ). פֿאַלשער ציפֿער, גוזמאדיקע צאָל. ווילדע א'. זיך וואַרפֿן מיט אַן א'.

-

אומציסערן — טרוו. ־ער אום, ~געציפֿערט. איבערשטעלן די ציפֿערן; אַנשטאָט ציפֿערן געפֿינען די ריכטיקע אותיות. דעשיפֿרירן. א, דאָס צעטעלע.

אומצירונג — די, ־ען. דאָס וואָס מע מיינט אַז עס באַצירט, אָבער גיט ניט צו קיין חן. „אַזעלכע לאַנגע און שווערע אוירינגלעך איז אַן א״״, רייד.

אומצירן — טרוו. ציר אום, ~געצירט. 1. אַ לענגערע צײַט צירן, פּוצן; באַצירן פֿון אַלע זײַטן. א, די קינדער צו דער פֿאָרשטעלונג. מיט ז י ך. א, זיך ווי צו אַ באַל. „זולשׂט דיו ווידר אום צירן מיט דײַנין פּויקן און, הירושׂ גין...צום טנץ„, מ. שערטילש, ספֿך ירמיה, פּראָג 1602, לא, 3. 2. איבערצירן, אויספּוצן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, דעם טאַנצזאַל.

אומצירעווען — טרוו. ־רעווע אום, ~ געצירעוועט. 1. אַ לענגערע צײַט צירעווען, פֿאַרריכטן דורך צושטריקן. א, זאָקן. 2. צירעווען פֿונדאָסנײַ.

אומצירקולירן — אוטוו. ־ליר אום, ~ צירקולירט. 1. זײַן אַ לענגערע צײַט אין פֿאַרקער.

"די נײַע געלט־באַנקנאָטן צירקולירן אום אין
אַלע באַפּרײַטע געגנטן פֿון לאַנד,,. 2
פֿאַר.
שפּרייטן זיך אַ לענגערע צײַט אָדער אין
פֿאַרשיידענע ערטער. ,,עס צירקולירן אום קלאַנגען
וועגן נײַע געזעצן,,.
אומצירקלען — טרוו. ־קל אום, ~געצירקלט.
אַרומצייכענען, אַרומרינגלען מיט אַ צירקל;
מאַכן אַ קרײַז אַרום און אַרום. א, אַ צייכענונג,
אַ דיִאַגראַם. אויך: א אַ שׂונא = אים
אַרומ,
רינגלען.
אומצישען — אוטוו. ־שע אום, ~געצישעט.
אַ לענגערע צײַט צישען, אַרויסגעבן קלאַנגען
ענלעכע צו ציש־ציש. ,,די אַלטע מכשפֿה צישעט
אום ווי אַ שלאַנג,,, רייד.
אומץ־לבֿ — [אוי'מעצלע'וו] דער. מצ: אומצי־לבֿ
[אוימציי..־]. תּח. < תּוספֿתּא, סוטה, יד, ז:
,,רבו אומצי־לבֿ, כּל אחד ואחד קופֿץ ידו מחבֿרו"
[עס האָבן זיך געמערט די קמצנים, יעדער איינער
דריקט צו זײַן האַנט פֿאַר זײַן חבֿר]. אויפֿן סמך
פֿון: ,,לא תאמץ את לבֿבֿך ולא תקפֿץ את ידך
מאָחיך האבֿיון" (דבֿרים, טו, 7) [תּי: ,,זאָלסטו
ניט האַרט מאַכן דײַן האַרץ און ניט צודריקן

דײַן האַנט פֿאַר דײַן ברודער דעם אבֿיון"].
1. קמצן, קאַרגער. „וועסט טאַקע עפּעס קריגן פֿון אַן א'־ל'?„ „ער שלאָגט זיך אין האַרצן על־חטא, אָבער ער בלײַבט אַן א'־ל'".
2. קמצנות, קאַרגשאַפֿט, שלעכטסקייט. ← אימוץ לבֿ. 3. זן. מוטיקער, באַהאַרצטער[!]. די אומצילבֿ פֿון דער הגנה. 4. זן. מוטיקייט, באַהאַרצטקייט[!]. ר, עקיבֿאס א'־ל', ווען מע האָט געקאַמט זײַן לײַב מיט אײַזערנע קאַמען.

אומצלמען זיך
אומצלמען זיך — [...ציי'לעמען] אוטוו. צלם זיך אום, זיך ~געצלמט. 1. מאַכן אַ צאָל מאָל מיט די פֿינגער דעם צייכן פֿון צלם, קרייץ. א, זיך פֿאַרן יויזל. 2. שווערן זיך (וועגן קריסטן).
אומצנועהדיק — [...צנו'ע...] אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ צנועה. א'ע מלחמה־אַלמנות.
אומצניעותדיק — [...צניִ'עס...] אַדי. וואָס האָט וויייניק אָדער גאָרניט קיין צניעות. א'ע רייד. א'ע פּאָזע. „ייִדישע טעכטער, טראָגט ניט קיין א'ע קליידער", אויפֿשריפֿט בײַם אַרײַנגאַנג אין קוואַרטאַל מאה שארים, ירושלים. ־יקייט.
אומצע־ — די ווערטער וואָס מע

געפינט ניט מיט או￼צע... ← צע
+ דעס ערשטן אות פון שטאַס.
אומצעאַקערט — אַדי. 1. ביזן סוף ניט־
באַאַרבעט מיט אַן אַקער. א'ע פֿעלדער. 2. בכלל
ניט־באַאַרבעט אינגאַנצן, ביזן סוף. א'ע טעמע.
־ערהייט — אַדוו. ￼קייט.
אומצעאַרבעט — אַדי. ניט־דורכגעאַרבעט
ביזן סוף. א'ער פֿאָרש־מאַטער אַל ־ערהייט
י.

— אַדוו.
אומצעבאַלעוועט — אַדי. ניט־צעפּעסטעט,
ניט־צעפּיעשטשעט. א'ער יתום.
אומצעבויגן — אַדי. ניט־געבויגן ביזן סוף.
א'ענע אײַזנס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעביטן — אַדי. געבליבן גאַנץ אָן אַ
חילוף. „מיט אַן א, רענדל מאַכט מען פֿול דאָס
פֿענדל“, שוו [= אַז מע ווייסט, יענער האָט
געלט, באָרגט מען אים אין קראָ￼]. ־ערהייט
— אַדוו.
אומצעבייגיק — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעבייגן. א'ער שטאָלענער שטאַנג. ־יקייט.
אומצעבײַסלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען ניט

צעבײַסן. א'ע ביינער. 2. וואָס מע קען ניט
פֿאַרשטיין, ענטפֿערן דערויף. א'ע רעטענישן.
־קייט.
אומצעביסן — אַדי. 1. ניט־צעביסן. אַרויס א,
פֿון הינטישע ציין. 2. ניט־פֿאַרשטאַנעו גענוג
גרינטלעך, טיף. א'ענע לעקציע. ־ערהייט
— אַדוו. שלינגען א'. ־קייט.
אומצעבלאָזלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעבלאָזן. א, פֿײַער. א'ע קערנדלעך. ־קייט.
אומצעבלאָזן — אַדי. ניט־פֿונאַנדערגעבלאָזן.
א'ענע שטויבעלעך. א, פֿײַער. א'ענער סקאַנדאַל.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעבליט — אַדי. 1. וואָס האָט נאָך ניט
פֿונאַנדערגעבליט. א'ע ביימעלעך. א'ער
בלומענקוסט. 2. וואָס איז נאָך ניט געוואָרן אינגאַנצן
צײַטיק (פֿיזיש אָדער גײַסטיק). א'ע יוגנט. יונגע
א'ע מיידלעך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעבראָכן — אַדי. 1. וואָס האָט געקענט
צעבראָכן ווערן און איז געבליבן גאַנץ. אַן
אַראָפּגעפֿאַלענע, אָבער א'ענע גלאָז. 2 פֿיג.
.
וואָס גיט זיך ניט אונטער, פֿאַלט בײַ זיך ניט
אַראָפּ. איבערלעבן יסורים און רדיפֿות און
בלײַבן א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעבראָנעוועט — אַדי. בּיזן סוף ניט
באַאַרבּעט מיט אַ בּראָנע. שוין צעאַקער□וע,
אָבּער א'ע פֿעלדער.

648

אומצעבּרעכבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דווו.
א'ע בּריק.
אומצעבּרעכלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעבּרעכן. א'ע כּלים. ־קייט.
אומצעבּרעקלדיק — אַדי. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) ניט צעבּרעקלען□ האַרטער, א'ער קעז.
א'ע אַחדות. א'ע פּראָגראַם מיט פֿאָדערונגען.
־יקייט.
אומצעבּרעקלט — אַדי. 1. ניט־צעקרישלט
אין קליינע שטיקלעך. „א, בּרויט טויג ניט פֿאַר
די הינער„, רייד. 2. אומצעטיילט אויף קליינע
חלקים, טיילן. א'ע עשירות, ירושה. 3. וואָס
איז געבּליבּן איינהייטלעך; גוט אָרגאַניזירט. א'ע
אונטערערדישע בּאַוועגונג. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומצעגאַנגען — אַדי. וואָס איז ניט־
צעגאַנגען, ניט צעשמאָלצן געוואָרן. א, איַיז. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעגייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען ניט
צעגיין. א'עד איַזבּאַרג. ־יקייט.
אומצעגלידערט — אַדי. ניט־צעטיילט אויף
באַזונדערע גלידער, טיילן, עלעמענטן. א'ער
קערפּער. א'ער זייגער. א, ווערק. ־ערהייט
— אַדוו.
אומצעגלידערלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (דאַרף) גיט צעגלידערן, צענעמען אויף
באַזונדערע אבֿרים, גלידער, טיילן. א'ע
פֿאַרבינדונג. א'ע גאַנצקייט. „מיר נעמען אָן דעם
גאַנצן אויסדדוק ווי איין א'ן, אומטיילעוודיקן
פּרעדיקאַט“, ימ, ייִשפּ II ▯י)(, 2. ־קייט.
אומצעדראָשן — אַדי. ניט־צעדראָשן. א'ענע
תּבֿואה. ־ערהייט — אַדוו.
אומצעדריקט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
צעדריקט. ליגן אונטערן פּרעס און אַרויס א'.
־ערהייט — אַדוו.
אומצעדריקלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט צעדריקן. א'ע און אומצעטייליקע עלעמענטן.
־קייט.
אומצעדרעשלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט צעדרעשן. א'ע פּוסטע זאַנגען. א'ע
פֿעלדזן ־קייט.

·

אומצעהאַקט — אַדי. ניט־צעהאַקט. אַן א'ער קלאָץ. ־ערהייט — אַדוו. אַרײַנוואַרפֿן אין אויוון האָלץ א'.
אומצעהיצט — אַדי. 1. ניט־צעוואַרעמט בּיז אַ הויכער טעמפּעראַטור. א'ע מישונג. 2. ניטאויפֿגערעגט, ניט־אויפֿגעקאָכט, ניט־אויפֿגעבּרויזט. אַן א'ער בּײַ דער וואַקכאַנאַליע. ־ערהייט — אדוו. ▯קייט.
אומצעוואַקלדיק — אַדי. וואָס מע קען ניט צעוואַקלען, אָדער מאַכן אומזיכער. א'ע אמונה. ־יקייט.
אומצעוואַקלט — אַדי. אומצעטרייסלט; געבּליבּן פֿעסט. א'ע יסודות. "די פֿולע גאַמע פֿון א'ן סאָציאַלן וועלטבּאַנעם„, לע, צוק, 1962, IX. ־קייט.
אומצעוואַרעמט — אַדי. 1. ניט־דערוואַרעמט בּיזן סוף. א'ע פֿליסיקייט. 2. ניט־בּאַגײַסטערט; ניט־דורכגעדרונגען מיט געפֿיל, לײַדנשאַפֿט. א'ער

זײַטיקער צוקוקער. א'ער מתנגד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעוואָרפֿן — אַדי. 1. ניט־צעשפּרייט אין

אומאָרדענונג. א'ענע ביכער, פּאַפּירן אאַזוו.
2. ניט־אײַנגעוואָרפֿן. א'ענע מויערוואַנט. 3. וואָס האָט אין זיך איינהייטלעכקייט, אָרגאַניזירטקייט.
א, אין דער אַרבעט. א'ענער כאַראַקטער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעווייקט — אַדי. ניט־דורכגעווייקט ביזן סוף. א'ע סוכאַרעס. א'ע סקאָרינקע. א, פֿון רעגן.
־ערהייט — אַדוו. שלינגען א'.
אומצעוויקלט — אַדי. ניט־פֿונאַנדערגעוויקלט, ניט־צעשפּרייט; געבליבן צונויפֿגעקנוילט, צונויפֿגעדרייט. א'ער טיוק סחורה. א'ע מגילה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעוועקט — אַדי. געבליבן פֿאַרשלאָפֿן, אומפֿאַראינטערעסירט, גלײַכגילטיק. א'ער פּאַרשוין. ־קייט.
אומצעזעגט — אַדי. ניט־דורכגעזעגט ביזן סוף. א'ע קלעצער, ברעטער. ־ערהייט — אַדוו.
אומצעטומלדיק — אַדי. נעאָל. וואָס לאָזט זיך ניט צעטומלען. א'ער רעדנער. ־יקייט.
אומצעטומלט — אַדי. געבליבן אין פֿריִערדיקן רואיקן געמיט, מיט אײַנגעאָרדנטע געדאַנקען. א, פֿון פּראָטעסטן. אַן א'ער בעת אַ סכּנה. ־ערהייט — אַדוו.

אומצעטיילבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט צעטיילן. אומצעטייליק. „זעען זיי דיר אויס ווי אַ סיאַמער צווילינג וואָס איז א׳“, י. בּראָנשטיין, היימיש, תּשרי תּשכ„ג.

אומצעטיילט — אַדי. וואָס מע האָט ניט צעטיילט. א׳ע ירושה. א, זײַנען מאַן און ווײַב געגאַנגען צום אומקום. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעטייליק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט צעטיילן. א׳ע צאָלן. א׳ע גאַנצקייט. א, פּאָרל. „וועט ווערן דער וועלטס אַ בּליִענדיקער חלק, אַ זעמדל וואָס איז א׳“, סוצ, וואַלדיקס. ־יקייט.

אומצעטיילעוודיק — אַדי. וואָס לויט דער נאַטור פֿון דער זאַך קען מען עס ניט צעטיילן. א׳ע עלעמענטאַרע איינסלעך. ־יקייט.

אומצעטראָגן — אַדי. 1. געבּליבּן קאָנצענטרירט. אַן א׳ענער בּעת אַ מהומה. 2. ניטצעשפּרייט. אַן א׳ענער, אַ דערשטיקטער סקאַנדאַל. 3. וואָס איז ניט קאַליע געוואָרן דורך טראָגן. אַלטע, אָבּער א׳ענע מלבּושים. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעטראָטן — אַדי. ניט־צעטראָטן. א׳ענער שניי. א׳ענער וואָרעם. ־קייט.

אומצעטריבֿן — אַדי. ניט־פֿונאַנדערגעטריבֿן.
אומצעיאָגט. א'ענע פֿאַרזאַמלונג,
דעמאָנסטראַציע. ־קייט.
אומצעטרייסלבֿאַר — אַדי. דטשמ. נר.
אומצעטרייסלעך ←. „דער גלויבֿן...אינעם געטלעכן
אָפּשטאַם פֿונעם הערשער איז דער א'סטער
יסוד פֿון יעדער מין מאַכט“, ראָקער,
נאַציאָנאַליזם און קולטור, בֿ„א 1949.

אומצעטרייסלט
אומצעטרייסלט — אַדי. 1. אומצעוואַקלט;
געבֿליבֿן פֿעסט, גאַנץ, רואיק, ניט־אויפֿגערעגט.
א'ע פֿון די געשעענישן. 2. ניט־צעשאָקלט.
א'ע פֿערענע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעטרייסלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעטרייסלען. א'ער גלויבֿן. ־קייט.
אומצעטרעטלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) ניט צעטרעטן. א'ע ווערעם. א'ע
בֿונטאַרן.
אומצעטרענט — אַדי. ניט־פֿונאַנדערגעריסן
וואָס איז שוין געווען צונויפֿגענייט. אַ שלעכט
אויפֿגענייטע און דערווײַל א'ע מאַרינאַרקע.
־ערהייט — אַדוו.
אומצעטרענלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט

צעטרענען, צערײַסן, צעשײדן. „מיר װאָלטן
גענדאַרפֿט זײַן א, בײַזאַמען װי
צוזאַמענגעװאַקסן“, יהל, די קאָלאָניסטן, װאַרשע 1899.
־קייט.
אומצעטרענצלט — אַדי. ניט־פֿאַרשװענדט;
ניט־פֿאַרתּכלעװעט. א, געלט.
אומצעיאָגט — אַדי. אומצעטריבן ←.
־ערהייט — אַדװ.
אומצעכאַפּט — אַדי. ניט־אַװעקגעכאַפּט,
ניטאױסגעכאַפּט ביזן סוף. די א'ע כּלומרשטע
מציאות. ־ערהייט — אַדװ.
אומצעלאָזבאַר — אַדי. דטשמ. נר. יאַכ. ←
דװװו. ־קייט.
אומצעלאָזלעך — אַדי. װאָס מע קען ניט
צעלאָזן, אַריבערברענגען אין צושטאַנד פֿון
פֿליסיקייט. בײַ אַ טעמפּעראַטור אונטער נול איז
אײַז א'. „דאָס אַריבערגיין פֿון אַ װײַסל־קערפּער
פֿון צעלאָזלעכן מצבֿ אין אַן א'ן“, מװ, ייִפֿאַ,
1939, 2. ־קייט.
אומצעלאָזן — אַדי. פּפֿ: ~צעלאָזט. 1. װאָס
איז געבליבן אין אַ האַרטן צושטאַנד.
אומצעשמאָלצן. א, אײַז. א'ענע פֿאַרגליװערונג. 2.
ניטפֿאַרדאָרבן. ניט געמאַכט קאַליע דורך
צעפּיעשטשען. אַן אײנציק א, קינד. ־ערהייט — אַדװ.

־קייט.
אומצעלאָזעוודיק — אַדי. וואָס איז
אומצעלאָזלעך לויט דער נאַטור פֿון דער זאַך. א'ע
מינעראַלן. ־יקייט.
אומצעלייגט — אַדי. ניט־צעלייגט, ניט־
צענומען. א'ע וואַקלדיקע מויערוואַנט. (מאַט) וואָס
מע האָט ניט איבערגרופּירט. א'ער אויסדרוק.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעלייג יק, ־לעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט צעלייגן, איבערגרופּירן. א'ער מאָנומענט.
א'ע פֿאַרבינדונגען. א'ע פֿאָרמל. (מאַט) א'ער
י
אויסדרוק = וואָס מע קען ניט איב)ק
י.
רפֿור
אויף אַ מער איבערבליקלעכן אופֿן. —
אומצעמאָלט, מאָלן — אַדי. ניט
דורכגעלאָזט צווישן מילשטיינער אָדער דורך אַ מילכל.
ניט־צעריבן, ניט־צעדריבלט. א'ע תּבֿואה. א,
פֿלייש. א'ער פֿעפֿער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אומצעמורשטשעט — אַדי. ניט־
צעמורשטשעט. ניט־צעריבן; ניט־צעקוועטשט. אַרויס א,

אומצעמישט — אַדי. ניט־געבֿראַכט I י
אומאָרדענונג; ניט־פֿאַרפּלאָנטערט. א'ע מינים פֿאַרבֿן,
,
קאָרטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעממיתט — [...מיימעסט] אַדי.
ניטצעממיתט, ניט־צעשלאָגן. ניט־צעקײַלט. בלײַבֿן
א, נאָכן אָנפֿאַל פֿון די כוליגאַנעס ־ערהייט
.

— אַדוו.
אומצעמענטירט — אַדי. 1. ניט־
פֿאַרפֿעסטיקט מיט צעמענט. א'ער פֿונדאַמענט פֿיג. אַ
.
לויזע, אַן א'ע גרופּע. 2. פּאַר אומצעמענטירן.
← דווו. ־קייט.
אומצעמענטירן — טרוו. ־טיר אום, ~
צעמענטירט. 1. אַרומפֿעסטיקן מיט צעמענט. א, דעם
פֿונדאַמענט. 2. צעמענטירן פֿונדאָסנײַ. א, די
לאַווע.
אומצענומען — אַדי. ניט־צענומען. א'ע קרומע

וואַנט. א'ע פעק. א, פֿון דער טראַגעדיע ־קייט.
—
.
אומצענזורירט — אַדי. 1. וואָס צענזור האָט עס ניט דורכגעקוקט. אַן א'ע גמרא מיט שטעלן וועגן יעזוסן. „די נאַטירלעכע רעכט צו לייענען פֿרײַ, און אומגעשטערט, און א'„, י. שטיינבוים, קוד, 1963, אַפּריל. 2. גראָב, וואולגאַר. א'ע וויצן. "די פֿרידלעכע שטובזיצערס...משפּטן מיט א'ע געדאַנקען", יג, טמז, 5 ‏ 1957 II. ־
ערהייט — אַדוו. „א, אָבער נאָך אַלץ מיט געדיכטע שלייערן", אונזער צײַט, 1963, 12. ־קייט.
אומצענזוריש — אַדי. וואָס קען ניט דורכגיין אַ צענזור. ניט אָנשטענדיק; גראָב. א'ע וויצן.
-

„דער אימפּראָוויזאַטאָר...איז אים מכבד מיט אַן א'ן קובאַנער טיטל„, קאָר III.
אומצענטער — דער, ־ס. נעאָל. פֿיקטיווער, צוגעקלערטער צענטער. שלעכטער צענטער.
"[ער] רעדט וועגן דעם 'פֿילמיליאָניקן ייִדישן צענטער אין דער מערבֿדיקער העמיספֿער,...נו, גיכער ווי אַלץ האָבן מיר דאָ אַן א', נישט קיין צענטער„, צײַט, טמז, 1957 ‏י 3.
אומצענטראַליזירט — אַדי. 1. ניט־געבראַכט

צו אַ צענטראַלן פּונקט. א'ע געדאַנקען. 2. וואָס
ניט די גאַנצע סיסטעם (מאַכט) דרינגט אַרויס
פֿון (איז קאָנצענטרירט אין) איין צענטער.
א'ע בילדונג־סיסטעם. 3. וואָס ווערט ניט
אָנגעפֿירט פֿון איין צענטער. א'ע עקאָנאָמיע. ־קייט.
אומצענטריש — אַדי. וואָס איז ניט אין אָדער
פֿון צענטער. א'ע ליניעס אין אַ קרײַז. לאָקאַלע,
א'ע פֿאַראָרדענונגען ־קייט.

.

אומצענישטלעך — אַדי. סטוטש. וואָס מע
קען ני ן מאַכן צו נישט, בטל מאַכן; וואָס מע
דאַרף זיך רעכענען מיט דעם. א'ע סכּנות,
סטראַשונקעס. א'ע פֿאַקטנדיקע באַווײַזן. ־קייט.
אומצענעמיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט צענעמען פֿונאַנדערנעמען. א'ער באַרג

,

שטיינער. א'ער בנין. א'ער מעכאַניזם. ־יקייט.
אומצעעפֿנט — אַדי. ניט־פֿונאַנדערגעעפֿנט,
ניט ברייט אָדער אינגאַנצן געעפֿנט.
אומצעװיקלט. א'ע פּעק, א'ע טירן. א, האַרץ. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעפּאַלאָשעט — אַדי. ניט־צעפּאַלאָשעט.
ניט־צעספּוזשעט. ניט־צעטראָגן. א'ע פֿערד. א'ע,
אײַנגעהאַלטענע תּאווה.

אומצעפאַקט — אַדי. ניט־צעפאַקט. א'ע

אומצעקאַליעטשעט

סחורה. ־ערהייט — אַדוו. פֿאַרקויפֿט
קאַסטנווײַז, א'.
אומצעפודלט — אַדי. אומצעשויבערט. א'ער,
פֿארקעמטער קאָפּ פֿיג. קלאָרער, א'ער מוח.
—
.
אומצעפויקט — אַדי. ניט־פֿאַרשפּרייט (מיט
אַ טומל). א'ע נײַסן, רכילות.
אומצעפֿאַלן — אַדי. (וואָס מע האָט געקאָנט
זיך ריכטן אַז עס וועט צעפֿאַלן און איז דאָך)
געבליבן גאַנץ. א'ענע געבײַען. א'ענע חבֿרותא.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעפֿאָרן — אַדי. 1. געבליבן אויף אַן
אָרט; אומצעשפּרייט. א'ענע שטעטלדיקע
אײַנוואוינערס. 2. סיסטעמאַטיש. וואָס איז אין איין
ריכטונג; קאָנצענטרירט. קלאָרע,
צונויפֿגענומענע, א'ענע געדאַנקען. ־קייט.
אומצעפֿוילט — אַדי. ניט־צעפֿוילט. א'ע פּירות.
א'ע יחידים פֿון אַ פֿאַרדאָרבענער סבֿיבֿה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעפֿויליק — אַדי. נעאָל. וואָס קען ניט

צעפֿוילן. א'ע ביינער. א'ע רעשטלעך פֿון דער אורצײַט. ־יקייט.

אומצעפֿירט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרוואַסערט, ניט־צעלאָזן, ניט־פֿונאַנדערגעמישט. א'ע פֿאַרב, א'ער עקסטראַקט. 2. ניט־אַוועקגעפֿירט אין פֿאַרשיידענע ערטער. א'ע סחורה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעפֿלאָכטן — אַדי. 1. געבליבן פֿאַרפֿלאָכטן. א'ענע צעפּ. 2. אומצעפֿאָרן, ב2. א'ענע רעיונות. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעפֿלאַמט — אַדי. (וואָס ברענט אָבער וואָס איז געבליבן אָן אַ פֿלאַם. דער טליִענדיקער, אָבער א'ער שײַטער. א'ע געפֿילן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעפֿלאַמיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט צעפֿלאַמען. א'ע פֿײַערלעך. שטילע, א'ע ליבשאפֿט ־יקייט.

—.

אומצעפֿלאָסן — אַדי. 1. ניט אַוועקגעפֿלאָסן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. א, וואַסער. 2. קלאָר, בולט. א'ענער אופֿן פֿאָרמולירן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעפֿלויגן — אַדי. ניט־צעפֿלויגן, וואָס איז מיט אויפֿמערק, אײַנגעשטעלט אויף אַ

באַשטימטער זאַך אָדער ענין. אַ ניַמאָדישער א'ענער
מנחם־מענדל. ־קייט.

-

אומצעסרעסן — אַדי. ניט־צעפֿרעסן. א, פֿון
מאָל פֿון מיַז. א, פֿון קנאה ־ערהייט —

, .

אַדוו. ־קייט.
אומצעצויגן — אַדי. 1. ניט־געצויגן (וויפֿל עס
לאָזט זיך), עס זאָל זיַן לענגער. א'ענע גומענע
בענדלעך. 2. ניט־געצויגן, עס זאָל דויערן
לענגער. א'ענע מעלאָדיע. א'ענער רעפֿעראַט. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעקאָכט — אַדי. 1. ניט־געקאָכט ביז
אינגאַנצן ווייך פֿאַרטיק אָדער צו לאַנג. א, פֿלייש.
— ,
2. אומצעהיצט, ב2. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעקאַליעטשעט — אַדי. ניט־צעממיתט;
ניט־צעשלאָגן; ניט־צעקלאַפּט. ניט־קאַליע
געמאַכט. אַרויס א, פֿון דעם צונויפֿשטויס. א'ע
איבערזעצונג.

אומצעקוועטשט

אומצעקוועטשט — אַדי. ניט־צעדריקט. „אַ
צעקוועטשטע וואַנץ שטינקט מער ווי אַן א'ע“,
רייד. ־ערהייט — אַדוו.
אומצעקײַט — אַדי. 1. ניט־צעקײַט. א'ע שפּײַז.
2. ניט־אויסגעטײַטשט; ניט־פֿאַרשטאַנען. א'ע
פֿאָרמולירונג ־ערהייט — אַדוו.

.

אומצעקײַלט — אַדי. ניט־צעשלאָגן.
ניטצעקלאַפּט. ניט־צעממיתט. אַרויס א, פֿון דעם
שיכּורס הענט. ־ערהייט — אַדוו.

א קלאַפּ. א'ע קאַסטנס. 2. ניט־צעשלאָגן;
ניטאומצעקלאַפּט — אַדי. 1. ניט־צעעפֿנט מיט

-

צעשעדיקט. אַרויס פֿון געראַנגל א'. 3.
ניטבּאזיגט. א'ע שׂונאים. א'ער אָפּאָנענט -
ער—
.

הייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעקלונגען — אַדי. ניט־פֿאַרשפּרייט (אַזוי
אַז עס זאָל האָבּן אַן אָפּקלאַנג). א'ע ידיעות,
רכילותן. א'ער שם. ־ערהייט — אַדוו. מע
ווייסט עס א'.
אומצעקלעמט — אַדי. ניט־צעווייטיקט. אַן א,
האַרץ ־ערהייט — אַדוו.
.
אומצעקלעפּט — אַדי. ניט־צעקלעפּט. א'ע
פּלאַקאַטן ־ערהייט — אַדוו.
.
אומצעקנאָטן — אַדי. ניט־געקנאָטן בּיזן סוף.
א, טייג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעקנאַקט — אַדי. ניט־צעדו ייִט —
ט,
ניטצעבּראָכן מיט אַ קנאַק. א'ע ניס ־ער
.

אַדוו.
אומצעקראָכן — אַדי. 1. וואָס איז ניט אַוועק
אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען (אַזוי ווי קריכנדיק).
א'ענע אָפּשפּאָרונגען. 2. וואָס האָט אין זיך
פֿעסטקייט; וואָס האָט אַ ווילן, אַ בּאַשטימטע
מיינונג. א'ענע מאַטעריאַלן. א'עגער קעגנער.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעקרומט — אַדי. וואָס איז ניט (געמאַכט) געוואָרן קרום. א'ע ליניע. ־קייט.

אומצעקריגט — אַדי. ניט־צעקריגט. בלײַבן א אַפֿילו ווען די מיינונגען זײַנען אַנדערע.

,

־ערהייט — אַדוו.

אומצעקרימט — אַדי. 1. וואָס איז ניט (געוואָרן) פֿאַרקרימט. א, פּנים. 2. אומפֿאַרקריפּלט, אומפֿאַרדרייט. א'ער אופֿן דענקען. א'ער סטיל. פֿרגל ~צעקרומט ־קייט.

.

אומצעקרישלט — אַדי. אומצעבּרעקלט. האַרט, אָבּער א, בּרויט.

אומצערודערט — אַדי. ניט־געבּראַכט אין אומאָרדענונג. אומצעטומלט ←; אומצעטראָגן ←. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצערונען — אַדי. ניט־אַוועקגערונען אין פֿאַרשיידענע ר כטונגען אָדער בּיזן סוף. א, וואַסער. מעט. א'ער בּאַסיין מיט וואַסער. פֿיג. א'ע האָפֿענונגען. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומצערטלעך — אַדי. וואָס איז ניט (גענוג) צערטלעך. אַן א'ע בּאַציאונג. ־קייט.

אומצערטלען — טרוו. ־טל אום, ~געצערטלט.
אַ לענגערע צײַט (אָדער אַ צאָל מענטשן) צערטלען, גלעטן. א, די קינדערלעך. —עניש.
אומצעריבּן — אַדי. ניט־צעריבּן. א'ענע קערנער. א, פֿון דער קאָנקורענץ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

650

אומצעריטלט — אַדי. ניט־צעריסן, ניט־צעשפּאָלטן. ניט־צעטיילט אויף בּאַזונדערע ריטלעך (בּאַשטאַנדטיילן). א'ער בּעזעם. א'ע גאַנצקייט, גרופּע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
מע קען ניט צערײַבּן. א'ע שטיינער. ל. וו.

אומצערייבּ יק, ־לעך — אַדי. נע ס
— י)קײַ
אומצערײַסבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← דווו.
,,די אַשכּנזישע קהילה איז ענג און א, פֿאַרבּונדן מיט די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן,,, י.
ראָט בּערג פֿאָרויס, 1963, II. ,,ה, מאַריוש —
דער מלאָך פֿון 'קרישיאַ, [= בּונקער אויף דער

אַרישער זײַט אין וואַרשע], איר א'ער חבֿר״, ע. רינגעלבלום, כּתבֿים פֿון געטאָ II. ־קייט.

אומצערײַסלעך — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף, טאָר) ניט צערײַסן. א'ע בינדונגען. „א'ע חלומותגעוועבן״, ימ, 1930. „אין אַן א'ער שײַכות מיט איר סיבה„, מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. „אַ פֿאָלק פֿאַראייניקט אין אַן א'ער ...

גאַנצקייט„, י. ליפֿשיץ, ייִבל, ׳ 1, XI־2 ־קייט.

.

אומצערינלעך — אַדי. נעאָל. וואָס קען ניט צערינען. א'ע ענערגיע. ־קייט.

אומצעריסן — אַדי. ניט־צעריסן. גאַנץ. שלימותדיק. א'ענע בגדים. א'ענע נאַטור. א'ענע פּאַרטיי. ־ערהייט — אַדוו ־קייט — „אין

.

דער אָרטאָדאָקסיע איז נאָך בנמצא גאַנצקייט, אויסגעהאַלטנקייט, א'„ ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.

אומצערעווען — ← אומצירעווען.

אומצערעכנדיק, ־(ד)לעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט צערעכענען. פֿאַרפּלאָנטערטע א'ע חשבונות, געשעפֿטן. ־(י)קייט.

אומצערעכנט — אַדי. ניט־דורכגעפֿירט די

לעצטגילטיקע אָפּרעכענונג. א'ע געשעפֿטן.
געבליבן א, מיט די אָנפֿאַלערס. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
או'מצערעמאָניאַ'ל — דער, ־ו. ניט־
גערעאָטענער, שלעכטער צערעמאָניאַל. דער א, ביי
אונדזערע איצטיקע לוויות.
או'מצערעמאָניע'ל — אַדי. וואָס איז אָן אַ
צערעמאָניע. פּשוט, דירעקט, אינטים. א'ע
באַגעגעניש. „אָפּזאָגן אַ לירישן א'ן קדיש„, יג,
תּוך. ־קייט.
אומצערעמאָניש — אַדי. וואָס איז אָן
צערעמאָניעס, ניט לויטן עטיקעט, אָן איידלקייט. א,
משלח זײַן.
אומצעשאָנקען — אַדי. ניט־פֿונאַנדערגעבן,
ניט־פֿונאַנדערגעטיילט ווי מתּנות. א, קליינגעלט.
אומצעשאָסן — אַדי. ניט־אַוועקגעשאָסן (וועגן
אַ גרופּע). די א'ענע וואָס האָבן דערנאָך זיך אויך
ניט גערעאַטעוועט.
אומצעשוואומען — אַדי. וואָס האָט (איז
געבליבן מיט) אַ בולטע פֿאָרעם, קלאָרע ליניעס.
פּינקטלעך אויסגעדריקט. א, בילד. א'ער אָנבאָט,
פֿאָרלייג. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אומצעשויבערט — אַדי. ניט־צעשויבערט.

ניט־צעפּודלט. אַ גלאַט־פֿאַרקעמטער, א'ער קאָפּ.
פֿיג. א'ע, קלאָרע באַריכטן.
אומצעשטאָכן — אַדי. ניט־צעוואונדיק□ן,
ניטגעלעכערט מיט שפּיציקס און שאַרפֿס. גיין אויף

אומצעשיידעוודיק

דערנער און אַרויסקומען מיט א'ענע פֿיס.
־ערהייט — אַדוו.
אומצעשטויבט — אַדי. ניט־צעמאָלט אין
שטויב. ניט־צעפּולווערט, ניט־צעפּודערט. א'ע
גרייַפּעלעך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומצעשטויסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט צעשטויסן. א'ע קריסטאַלן. ־יקייט.
אומצעשטויסן — אַדי. ניט־צעקלאַפּט,
ניטצעהאַקט דורך שטויסן. א'ענער פֿעפֿער ־
ער.
הייט — אַדוו.
אומצעשטעכיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט צעשטעכן. א'ער פּאַנצער. ־יקייט.
אומצעשטעלט — אַדי. ניט־(פֿונאַנדע□)
געשטעלט אין עפּעס אַן אָרדענונג, סדר. די א'ע
שטולן וואָס שטייען בײַ דער וואַנט. זעלנערס,
א'ע אין רייען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעשטערבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
אומצעשטערלעך ←. „גרויס און א, זײַנען די כּוחות
פֿון אונדזער פֿאָלק„„ זשיט IX, נ„י 1919 —קייט
.
— „די אַלגעמיין־גילטיקייט און א, פֿון די
נאַטור־געזעצן„„ גוטנ. „א, פֿון שטאָף“, מעריסאָן
איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.
אומצעשטערט — אַדי. ניט־צעשטערט. ניט
חרובֿ געמאַכט. א'ער שלום־בּית. א'ע פֿעסטונג.
„ס'האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אַ טויבּע א'ע און
פֿאַרגעסענע לעגענדע„„ ה“י בּ־ר איבּז, סקיטאַלעץ,
פֿעלד געריכט, וואַרשע 1907 ־ערהייט —
.
אַדוו.
אומצעשטערלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעשטערן. פֿעסטער, א'ער פֿונדאַמענט. „די א'ע
מאַכט פֿון דער...קאַמף־פּאָזיציע“, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן. „אַ גרויס היסטאָריש, א, ווערק איז
געשאַפֿן געוואָרן„„ לע, טאָג, 1957 II □י 6 ־קייט.
.
אומצעשטערעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
ניט צעשטערן לויט דער נאַטור (דער טבֿע) פֿון
דער זאַך. א'ע פֿעלדזן. א'ער סדר־העולם.
־יקייט.

אומצעשטערעריש — אַדי. וואָס פֿירט ניט
צו צעשטערונג. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ
צעשטערער. א'ע פּשרה, כּוונה. ־קייט.
אומצעשטרייט — אַדי. דטשמ. אומצעפֿלויגן
←. קאָנצענטרירט. א'ער תּלמיד, צוהערער אאַזוו.
אומצעשיידבאַר — אַדי. דטשמ. נר.
אומצעשיידלעך ←. "די באָבע האָט געמיינט...זי מיט
איר אייניקל וועלן בלײַבן א',,, פֿאָר, 26 1961 X.
־קייט.
אומצעשיידט — אַדי. ניט־צעשיידט,
ניטצעטיילט. ,,און אויסווירקן...דאָס זי זאָל מיט איר
פֿרײַנדין זײַן פֿאַראייניקט, א',,, ל. לעוויץ, רפֿאל
...
דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. ־
ערהייט — אַדוו.
אומצעשיידלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעשיידן, אָפּטיילן. אַלטע און א'ע פֿרײַנד.
־קייט.
אומצעשיידעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
ניט צעשיידן לויט דער נאַטור (דער טבֿע) פֿון
דער זאַך. א'ע באַשטאַנדטיילן פֿון אַ כעמישער
פֿאַרבינדונג ־יקייט.
.

אומ□עשלאָגן — אַדי. ניט־צעשלאָגן.
ניטבֿאַזיגט. דער איינציקער א'ענער עדות. א'ענע
אַרמיי. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אומצעשמאָלצן — אַדי. 1. וואָס איז געבֿליבֿן
אין האַרטן צושטאַנד. א, אײַז. 2. פֿיג. וואָס
איז ניט אַרײַן אין התפּעלות. א, פֿון די
וואונדיירים. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעשמירט — אַדי. 1. ניט־אויסגעניצט,
ניט־געפּטרט בײַם שמירן. א'ע (אייל)פֿאַרבֿ.
2. ניט־פֿאַרגוזמאט; ניט־אויסגעדריקט אין
איבֿעריקע ווערטער. א□ע ידיעה. א'ער סקאַנדאַל.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעשמירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
צעשמירן. א'ע (אייל)פֿאַרבֿ. ־קייט.

אומצעשמעלציק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט צעשמעלצן. א'ע מעטאַלן. ־יקייט.

אומצעשניטן — אַדי. 1. ניט־פֿאַרוואונדיקט
מיט עפּעס שאַרפֿס. א, פֿון גלאָז, פֿון מעסער.
2. ניט־צעטיילט דורך שנײַדן. א, זײַד. א'ענע
געוועבֿן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעשנײַדיק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט צעשנײַדן. דיקע א'ע מעטאַלענע

שטאַנגען ־(י)קייט.

.

אומצעשעדיקט — אַדי. ניט קאַליע געמאַכט, ניט געליטן קיין שאָדן ביזן סוף (ביזן פֿאַרלירן דעם ווערט). די פּרוכטביימער, א'ע פֿון פּראָסט. א'ע לונגען.

אומצעשפּאַלטיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט צעשפּאַלטן. א'ער קלאָץ. ־יקייט.

אומצעשפּאָלטן — אַדי. ניט־צעשפּאָלטן. געבליבן גאַנץ. איין א'ענע גלאָז. דער פּריִער א'ענער אַטאָם. אַן א'ענע נשמה ־ערהייט — אַדוו.

.

־קייט.

אומצעשפּליטערט — אַדי. 1. ניט־צעקלאַפּט, ניט־צעבראָכן אויף באַזונדערע שפּליטער. א, גלאָז. א'ער שפּיגל. 2. ניט־צעטיילט אין קליינע גרופּעס. א'ע פּאַרטיי. ־קייט.

אומצעשפּרייט — אַדי. ניט־צעשפּרייט; ניטצעוואָרפֿן. ניט־אויסגעברייטערט. א'ע אינדוסטריע. א'ע שולנעץ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומצעשראָקן — אַדי. זיך ניט אונטערגעבן דעם געפֿיל פֿון שרעק. א'ענע קינדער. ־ ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומץ־רוה — [אוימעצרו'אַך] דער, מצ
אומצירוח [אוימציי...]. תּח. פּאַראַלעל צו אומץ־לבֿ
→. זן. 1. מוטיקער, שטאַרקער אין גײַסט,
באַהאַרצטער. „אַן א'־ר אַנטלויפֿט ניט פֿאַר אַ
,
סכּנה“. 2. מוטיקייט, באַהאַרצטקייט,
שטאַרקייט פֿון גײַסט. „וויפֿל א'־ר, מע באַדאַרף צו
גיין אויף קידוש־השם„.
או'מקאָאָרדיני'רט — אַדי. אומאָרגאַניזירט.
ניט־צונויפֿגעבראַכט אין איין סיסטעם.
אָנגעוואָרפֿן, דיסהאַרמאָניש. א'ע האַנדלונג. א'ע
וואַלקאַמפּאַניע. „דאָס קינד...ווײַזט אָפּט אַרויס א'ע
רעפֿלעקסן“ פֿגעז, ווילנע 2 1932, No ־קייט.
, .
אומקאָאָרדינירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט קאָאָרדינירן. א'ע פֿלאַכן ־קייט.
.
או'מקאָדיפֿיצי'רט — אַדי. (וועגן געזעצן)
ניט צונויפֿגענומען, ניט אַרײַנגענומען אין אַ

קאָדעקס. „אַ מנהג איז אַ דין, אָבער מנהגים

א'". ־קייט.

א אַליריש — אַדי. פּפֿ: ~

קאַוואַ. וואָס איז ניט לויטן דרך, שטייגער
פֿון אַ קאַוואַליר. א'ע באַציאונג צו פֿרויען.
„אָבער פֿונדעסטוועגן קלינגט אַ ביסל
אומקאַוואַלעריש אַזוי אָפֿן זיך צו באַרימען", אונזער
צײַט, 1964, 1. ־קייט.

אומקאָוועןן — טרוו. ־ווע אום, ~געקאָוועט.
1. איבערקאָוועןן, איבערשמידן. א, דאָס פֿערד.
2. אַרומקאָוועןן. א, דעם קאַסטן, אַלע קאַנטן.

אומקאָזאַקיש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי
אַ קאָזאַק פֿירט זיך. א'ע רחמנות־געפֿילן.

אומקאַטויליש — אַדי. ניט־קאַטויליש; ניט
לויטן שטייגער (כאַראַקטער) פֿון קאַטאָליקן. אַ
הויף מיט שכנים: קאַטוילישע, א'ע און סתּם
גויִים. ־קייט.

אומקאַטײַען — טרוו. ־טײַע אום, ~
געקאַטײַעט. סל. אַרומפֿירן שפּאַצירן אויף אַ וואָגן,
שליטן, שיפֿל אע. א, די פֿרײַלינס אין אַ שליטן.
אויך מיט ז י ך.

אומקאַטעגאָריש — אַדי. ניט־אַבסאָלוט;
וואָס איז אָפּהענגיק פֿון תּנאַי, סיטואַציע אע.
אַזוי ווי מיט אַ האַלב מויל, אַן א'ער אָפּזאָג.
־קייט.

אומקאַטשײַען — טרוו. ־טשײַע אום, ~
גיקאַטשײַעט. רוסיצ. אומהוידען, אומוויגן. א, אַ
קינד אויף דער הוידע. אויך מיט ז י ך.
אומקאַטשען — טרוו. ־טשע אום, ~
געקאַטשעט. סל. אַ לענגערע צײַט קאַטשען, קײַקלען.
א אַ ראָד, אַ פֿאַס. אויך מיט ז י ך ־עניש.

או'מקאָלאָניזי'רט — אַדי. ניט־קאָלאָניזירט.
א פֿרײַער א'ער אינדזל ־קייט.

אומקאַלאַקאָטקען, ־קאָטשען — אוטוו.
־קע, ־טשע אום, ~געקאַלאַקאָטקעט; ~
געקאַלאַקאָטשעט. אַ לענגערע צײַט קלאַפּן אָדער מישן
(אַזוי ווי) מיט אַ קאַלאַקאָטקע. קלאַפּן מיט דער
צונג הויך און גיך (מיט אָנוײַט אויף רכילות
אָדער פּוסטע זאַכן). א, אויף אייגענע קרובֿים.
א אָן אַן אויפֿהער.

אומקאַלטבלוטיק — אדי. ניט־גלײַכגילטיק
(אָבער אויך ניט הייסבלוטיק, ניט
לײַדנשאַפֿטלעך). אַ פֿאַראינטערעסירטע, א'ע באַציאונג.
־יקייט.
אומקאַליאַקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געקאַליאַקעט. אַ לענגערע צײַט ריידן דבֿרים־בטלים,

אומפּלוידערן. א, אַ גאַנצן אויפֿדערנאַכט.
אומקאָלירט — אַדי. 1. פֿאַר אומקאָלירן ←.
2. ניט־קאָלירט. א'ע בויגנס פּאַפּיר. ־קייט.
אומקאָלירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט קאָלירן. נאַסע א'ע ברעטער. ־קייט.
אומקאָלירן — טרוו. ־ליר אום, ~(גע)קאָלירט. איבערקאָלירן, קאָלירן פֿונדאָסנײַ. א, די קאָנטורצייכענונגען. ־ונג.
אומקאָלירנדיק — אדי. וואָס באַפֿאַרבט ניט (בײַם וואַשן). "קענסט אַלץ וואַשן צוזאַמען. די בלוזקע האָט אַן א'ע רויט„, רייד.
אומקאַלכן — טרוו. קאַלך אום, ~געקאַלכט. איבערקאַלכן. א, דאָס צימער.

או'מקאָמפּליצי'רט

או'מקאָלעגיאַ'ל — אַדי. ניט־חבֿריש, ניט ווי עס דאַרף זײַן צווישן קאָלעגן. א, מיט אַ תּלמיד פֿון איין קלאַס. „ער האָט [אי] שטאַרק געטאַדלט פֿאַר זײַן א'ער האַנדלונג“, ש. וויגאָדאַ, פֿאָר, 1963 II י 18 ־קייט.

.

אומקאָלעקטיוויסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויט דער טבֿע פֿון אַ קאָלעקטיוויסט. א'ע קנאה. ־קייט.

אומקאָלעקטיוויש — אַדי. וואָס איז ניט ווי
אין אַ (לויטן פּרינציפּ, שטייגער פֿון אַ)
קאָלעקטיוו. א'ע אַרבעט־פֿאַרטיילונג.
אומקאָלער — טרוו. ־ער אום, ~געקאָלערט.
פּפֿ. ~קוי ערן. אַ לענגערע צײַט קויקלען,
קײַקלען. אַנידערוואַרפֿן קײַקלענדיק. א, אַ רייף,
אַ פֿעסל. מיט ז י ך — זיך איבערדרייען (בײַ
גימנאַסטיק). זיך קײַקלען אַ לענגערע צײַט. זיך
א, אין היי. ־ניש.
או'מקאַלקולי'רט — אדי. ניט־באַרעכנט;
ניטגעפּלאַנירט. א'ע הוצאות. ־קייט.
אומקאַלקולירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט באַרעכענען, נעמען פֿון פֿאָרויס אין
באַטראַכט. א'ע קאָמפּליקאַציעס ־קייט.

.

אומקאָמאַנדעווען — אוטוו. ־דעווע אום,
~געק

 ענגערע צײַט קאָמאָנדעווען, אַרדיסגעבן
אמאַנדעוועט. 1. אַרומשטיפֿן. א, אין חדר.
2. אַ
באפֿעלן, זיך אַרויסשטעלן וו אַ הערשער. א,
־ ,
מיט די קינדער.

בינירן ←. 2. ניט־קאָמבינירט. א'ע געשעפֿט
או'מקאָמביני'רט — אַדי. 1. פֿאַר

אומקאָמפֿון שותּפֿים ־קייט.

.

אומקאָמבינירלעך — אדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט (צונויפֿ)קאָמבינירן. א'ע ווערטער. א'ע
גרייסן. ־קייט.
אומקאָמבינירן — טרוו. ־ניר אום, ~
קאָמבינירט. איבערקאָמבינירן. א, די גאַנצע טאַקטיק.
אומקאָמוניסטיש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
כאַראַקטער אָדער טעאָריע פֿון קאָמוניסטן. א'ע
רייד, טעטיקייט. ־קייט.
אומקאָמיש — אַדי. ניט־קאָמיש, וואָס רופֿט
ניט אַרויס קיין אַמוזירונג, געלעכטער. א'ע
סיטואַציעס. א'ער אופֿן שפּילן. א'ער קאָמיקער.
־קייט.
או'מקאָמערציע'ל — אַדי. וואָס ברענגט ניט
קיין פֿאַרדינסט; וואָס איז ניט ווי אין דער
האַנדלסוועלט. א'ע אונטערנעמונג פֿירן אַ מסחר

.

א', וו אַ בטלן ־קייט.

' .

או'מקאָמפּלימע'נט — דער, ־ן. דאָס וואָס

האָט געזאָלט זײַן אַן אויסדרוק פֿון לויבֿ, אָבֿער איז אַ (פֿאַרשטעלטער) טאַדל. אַ קריטיק פֿול מיט א'ן. ־יש — אַדי. אויך: ־אַר און ־אַריש — "די רעפּאָרטערן האָבֿן ניט געהאַט...[קיין טענות קעגן אָט דעם אומקאָמפּלימענטאַרישן צונאָמען", בֿ. עטינגער, טמז, 14 5 19▯ I.

או'מקאָמפּליצי'רט — אַדי. וואָס איז אָן קאָמפּליקאַציע(ס), שוועריקייטן, אָן פֿאַרדרייעניש. א'ער מעכאַניזם. א'ע חשבֿונות. א'ע דערקלערונג. „ווי אַזוי...צו בֿאַהאַנדלען אַן איינפֿאַכע, א'ע קראַנקייט...", דר, בֿ. ליבֿער, ווער איז שולדיק אין אונדזערע קראַנקייטן▯, נ"י l911. ־קייט.

או'מקאָמפּלע'ט

או'מקאָמפּלע'ט — אַדי. וואָס איז ניט אינגאַנצן, ניט בֿיזן סוף (דורכגעפֿירט, געמאַכט). „טשאַד אָדער קאַרבֿאָן־אָקסיד איז אַ רעזולטאַט פֿון אַן א'ן ברען־פּראָצעס" פֿגעז, פּאַריז 1949,

,

13 No־14. סובֿ (אין לשון פֿון אַקטיאָרן) מצבֿ ווען דער טעאַטער איז ניט אויספֿאַרקויפֿט. שפּילן בײַ כּסדרדיקע א'ן.

או'מקאָמפּעטע'נט — אַדי. וואָס האָט ניט

גענוג ידיעות, וויסן, פראַקטיק; ניט־באַהאַוונ□ט.
ניט־קוואַליפֿיצירט. א'ער דאָקטער. זײַן א, אין
פאָליטיק, ליטעראַטור און מאַכן אַן אָנשטעל אויף
מבֿינות. „א'ע לערער“, ווינטש II□י, נ״י 1927.
„אונדזער פֿילאָסאָפֿיע איז אַן א'ע“, מעריסאָן
איבֿז, ספענסער, ערשטע פרינציפן. ־קייט.

או'מקאָמפעטע'□ן — די, ־ן. אומקענטשאַפֿט;
אומגעניטקייט; אומקוואַליפֿיצירטקייט.
אַרויסווײַזן א, אין אַן אַרבֿעט. „צוליבֿ...דער א, פֿון
דעם איבֿערזעצער־קאָמפילאַטאָר איז דאָס וואָרט
מגולגל געוואָרן אין פֿינף פֿאַרשיידענע
ווערטער“, ש. נאָבֿל, חומש־טײַטש.

או'מקאָמפענסי'רט — אַדי. ניט־פֿאַרגיטיקט.
ניט־באַלוינט. וואָס מע האָט פֿאַר דעם ניט
באַקומען דעם גלײַכן ווערט. א'ע אַרבֿעטער,
אַרבֿעט. א'ע ערלעכקייט. ־קייט.

אומקאָמפענסירלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט קאָמפענסירן. א'ע אַבֿידה. ־קייט.

או'מקאָמפראָמיטי'רט — אַדי. ניט־
געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע; געבֿליבֿן אָן אַ
פֿלעק אויף דער רעפוטאַציע. א, פֿון דעם בלבֿול.
איינציקער א'ער דעפוטאַט. ־קייט.

אומקאָמפראָמיטירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס

מע קען ניט קאָמפּראָמיטירן. ערלעכער א'ער ריכטער. ־קייט.

אומקאָמפּראָמיסלעך — אַדי. וואָס גייט ניט אײַן אויף קאָמפּראָמיסן, פּשרות. פֿעסט,

אויס □

געהאַלטן. פּרינציפּיעל. א'ער מאָראַליסט. „ וועלטייִדישקייט מיינט א'ע גערעכטיקייט“, יג, צוק, 1959, אָקט'. ־קייט — „געוויזן די זעלבּיקע

א',„ טאָג, 1962 III □י 18.

או'מקאָמפֿאָרטאַ'בּל — אַדי. אומבּאַקוועם, אומאָנגענעם. „א'עלע סיטואַציע,„ ש. בּיקל, טמז, 29 □2□19 I.

□ ־

אומקאַמסססעאיק — אַדי. ניט־מסוגל, ניטגענייגט צו פֿירן אַ קאַמף. א'ער שוואַכלינג. ־יקייט.

או'מקאַנאָניזי'רט — אַדי. וואָס איז ניט אַרײַנגענומען צווישן הייליקע שריפֿטן (פֿון קריסטן). וואָס איז ניט לויטן קאַנאָן. א'ע שריפֿטן פֿון די פֿאָטערס פֿון קירך.

אומקאַנאָניש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
קירכלעכן געזעץ. א'ע האַנדלונג. ־קייט.
או'מקאָנדיציאָני'רט — אַדי. וואָס איז
געמאַכט (פֿאָרמולירט) אָן שום תּנאַי. א'ער אָפּמאַך.
או'מקאָנדיציאָנע'ל — אַדי. וואָס איז ניט
בתּנאַי. וואָס איז אָן באַדינג. אַבסאָלוט.
אונטערגעבן זיך א'. באַפֿרײַען א'. א'ער סטימול. „אין
א'ן הסכּם מיט די פּרינציפּן פֿון דער מלוכה„.
ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, ב"א 1949.
־קייט.

652

או'מקאָנדענסי'רט — אַדי. ניט־געקירצט; א
ניט־צונויפֿגעפּרעסט. ניט־באַמצומדיק. אַן א'ע
רעדע. אַן א, שרײַבן. ־קייט. א
אומקאָנדענסירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען ניט קאָנדענסירן. א', ווײַל קורץ און קלאָר.
־קייט.
או'מקאָנוועציאָנע'ל — אַדי. וואָס איז אָן
אָדער קעגן אײַנגעשטעלטע פֿירונגען. באַזונדער,
עקסטראַאָרדינער; אויסנעמיק. "שוין דער נאָמען
פֿון דער פּיעסע גופֿא איז אַן א'ער", טמז, א
21 1963 II. ־קייט.

אומקאַנויקען — אוטוו. ־קע אום, ~
געקאַנויקעט. אַ לענגערע צײַט קאַנויקען (ווי אַ קאַץ,
וו אַ קליין קינד). א, און ניט לאָזן צומאַכן אַן
י

אויג.
אומקאָנטינואירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס א
מע קען ניט קאָנטינואירן, ממשיך זײַן. א'ע
ירושהשאפֿט ־קייט.
—.
אומקאָנטיק — אַדי. פּפֿ: ~קענטיק ←. א
וואָס עס זעט זיך אָן ווייניק אָדער בכלל ניט.
אַ פֿאַרוואַקסענער א'ער שראַם. א'ע סליאַדן אָדער
שפּורן. ־יקייט.
או'מקאָנטעמפּלי'רט — אַדי. וואָס מע האָט א
זיך אין דעם ניט אַרײַנגעקלערט (גענוג לאַנג
אָדער גענוג טיף). א'ע וואונדער פֿון דער נאַטור.
־קייט.
אומקאָנטעמס[לירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס א
מע קען וועגן דעם ניט קאָנטעמפּלירן. דער א'ער
מהות פֿון גאָט. —קייט.
אומקאָנטראָ'ל — דער, ־ן. דאָס וואָס איז אָן א
קאָנטראָל. אומדיסציפּלינירטקייט. אָפּשאַפֿן דעם
א, בײַם פֿאַ ◌ .קויפֿן געווער. הפֿקרדיקער א,.

אומקאָנטראָלירבאַר — אַדי. דטשמ. נר. א
← אומקאָנטראָלירלעך. ־קייט.
אומקאָנטראָלירט — אַדי. 1. ניט־קאָנטראָ־ א
לירט. ניט־איבערגעקוקט. א'ער באַגאַזש. א'ער
אַפּאַראַט פֿאַלשע גענעראַליזאַציעס, א'ע
מײַ. ,,
נונגען,,, לל, ייִדישע און אַנדערע פּראָבלעמען. א
2. וואָס איז אָן קאָנטראָל מצד דער מאַכט. א'ער
וואַלוטע־האַנדל.
3. ניט־באַוואַכט. וואָס איז ניט אונטער אַ א
(פֿרײַנדלעכער) מאַכט. ,,געווען אַ גרויסע
אומפֿאָרזיכטיקייט אַוועקצולאָזן זיך אין אַן א'ן
דאָרף,,, פּערלאַוו, פֿאַר, 1961 ◻י4 .10 I. וואָס
5. ניט־באגרענעצט. ,,די חבֿרה־ א
קדישא...מיט
איז ניט אין רשות פֿון מענטשן. א'ע כטיכיע.

-

איר תּקיפֿות, מיט איר א'ן בעלי־בתּעווען,,, ימ,
א

נײַס, 1923. א'ע אַמביציעס. 6. ניט־אָפּגעהיט. ריידן א'ע רייד.
7. ניט־אײַנגעהאַלטן, פּסיכיש אומסטאַביל. א'ער כּעס. א'ער טעמפּעראַמענט. ־ערהייט א — אַדוו. ־קייט.
אומקאָנטראָלירלעך — אַדי. וואָס לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירן. א'ע באַוועגונג. א'ע תּאווה. א „אין דעם א'ן געראַנגל מיט זיך אַליין, אין ווייטיק פֿון בענקשאַפֿטן און לײַדנשאַפֿטן“, יג, תּוך. ־קייט.
או'מקאָנטראַקטי'רט — אַדי. ניט־באַשטימט לויט אַן אָפּמאַך. מאָנען א, שאָדנגעלט. א'ע אַרבעטער.

או'מקאָנסעקווע'נט
ומקאָנטראַקטירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט באַשטימען אין פֿאָרויס מיט אַן אָפּמאַך.
ומקאַנטשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. 1. גרופּע, סכום פֿון אַלע אומבאַקאָנטע (אין אַ געוויסן קרײַז). דער איינציקער וואָס זײַן באַקאַנטשאַפֿט איז גרעסער ווי זײַן א'. 2. שלעכטע באַקאַנטשאַפֿט. די א, צווישן אונטערוועלט־מענטשן.
3. אומבאַהאַוונטקייט. א, מיט אַ פּראָבלעם. אַרויסוויַיזן א, בײַם פֿאַרריבטן.

ו'מקאָניוגי'רט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט צונויפֿגעבונדן, צונויפֿגענומען אין אַן איינס. א'ע קערפּערס. א'ע אַקסן (מאַט). 2. ניטגעבייגט (ווי אַ ווערב). 3. (בּיִאָלאָגיע) ניטצונויפֿגעגאָסן בײַם פּרימיטיוון סעקסועלן פֿאַרבינדן. א'ע פּראָטאָזאָנען. ־קייט.

ומקאָניוגירלעך — אַדי. נעאָל. ← דפּוו. וואָס מע קען ניט קאָניוגירן. א'ע וואָרטקלאַסן. א'ע פּראָטאָזאָנען. ־קייט.

ומקאַניוטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~ געקאַניוטשעט. 1. אומקאַנויקען ←. 2. אומבּילן; אומהוילן; אומיאָמערן. א, ווי אַ געשלאָגענער הונט.

ומקאָניונקטור — די, ־ן. שלעכטע, אומגינציקע קאָניונקטור. דאָס וואָס איז ניט־רעכטצײַטיק. ווערן אַ באַנקראָטשיק איבער דער איצטיקער א., א, פֿאַר אַ נײַער אידיי.

ו'מקאָנסאָלידי'רט — אַדי. ניט־צונויפֿגענומען אינאיינעם; ניט־געמאַכט פֿעסט. א'ע אַרמיי־אָפּטיילן. א'ע פֿירמעס ־קייט.

.

ומקאָנסאָלידירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָז[illegible]ן זיך ניט קאָנסאָלידירן, פֿאַראייניקן און פֿאַרשטאַרקן. א'ע געשעפֿטן פֿירמעס ־קייט.

ומקאָנסומירט — אַדי. ניט־פֿאַרניצט,
ניטפֿאַרבּרויכט. א'ע שפּײַז אַרטיקלען.

ומקאָנסומירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען ניט קאָנסומירן. א'ע תּבֿואה־רעזערוון.
־קייט.
ו'מקאָנסטאַ'נט — אַדי. ניט־בּאַשטענדיק.
אומסטאַבּיל, בּײַטעוודיק. א'ע בּאַדינגוגגען. א'ע
גרייס (מאַט). ־קייט.
ו'מקאָנסטיטוציאָנע'ל — אַדי. וואָס איז
ניט אין הסכּם מיט דער קאָנסטיטוציע. „
אומגעזעצלעכע אָדער א'ע מיטלען“, טמז, 14 IX 1963.
־קייט.
ו'מקאָנסטרואי'רט — אַדי. ניט־
אויפֿגעבּויט. ניט־אויפֿגעשטעלט. א'ע העכערע גאָרנס.
ומקאָנסטרואירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס
מע קען ניט קאָנסטרואירן. א'ע פּראָיעקטן. א'ע
בּריקן. ־קייט.
ו'מקאָנסטרוקטי'וו — אַדי. ניט־
אויפֿבּויעריש. ניט־אויפֿטועריש. ניט־פּראַקטיש. א'ע
טעטיקייט. ־קייט.
ו'מקאָנסעקווע'נט — אַדי. וואָס איז לאָגיש
ניט אויסגעהאַלטן; וואָס איז ניט קיין פּועל־יוצא,

ניט קיין רעזולטאַט פֿון פֿריִערדיקן רעדן אָדער טאָן. א'ע און אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע מעשׂים.

„מיט זײַן א, ליד האָט [ע] ריכטיק געענטפֿערט אויף אַ ריכטיקער באַשטעלונג„, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן. ־קייט — „וויפֿל א'ן, וויפֿל

או'מקאָנסעקווע'נץ

גרײַזן מע קען טרעפֿן [אין ייִדישע ביכער און צײַטונגען] פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די איצטיקע כּללים", ימ, ויִפֿאַ, 1938, 9.

או'מקאָנסעקווע'נץ — די, ־ן. היפּוך פֿון קאָנסעקווענץ פֿילט נישט דעם בײַגעשמאַק פֿון

„ .

אַזאַ אויגנשטעכעדיקער א'", נפּ, ייִפֿאַ, 1 ,1939.

„געוויינלעך ווערט אַזאַ א, גערופֿן צבֿיעות", לל, איק, ר"ה תשכ"ה.

או'מקאָנסערווי'רט — אַדי. ניט־אויפֿגעהיט פֿון קאַליע ווערן (געוויינלעך וועגן שפּײַזן — מיט דער הילף פֿון געווירצן, צוקער, פּאַקונג, קעלט). א'ע פּראָדוקטן. א, פֿלייש. ־ערהייט — אַדוו.

אומקאָנסעדווירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט קאָנסערווירן. א'ע גרינסן. ־קייט.

או'מקאָנססיראַטי'וו — אַדי. ניט־פֿאַרדעקט, ניט־באַהאַלטן (פֿאַר דער מאַכט). א'ע צוגרייטונגען צו דעמאָנסטרירן. ־קייט.

אומקאָנסאָרמיסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. וואָס האַלט זיך ניט בײַ אָנגענומענע מיינונגען, פֿירונגען. „בכלל איז סאַרטר אַן אָרגאַנישער א'", לע, טמז, 22 XI 1964. ־יש — אַדי. א'ער שטאַנדפּונקט.

או'מקאָנפֿידענציע'ל — אַדי. אומדיסקרעט, ניט־געהיים, אומפֿאַרטרוילעך. אַן א'ער שמועס. ־קייט.

או'מקאָנפֿיסקי'רט — אַדי. ניט־צוגענומען דורך דער מאַכט. א'ער אויפֿרוף קעגן דעם רעזשים. געבליבן א, איז נאָר דאָס העמד אויפֿן לײַב.

אומקאָנפֿיסקירלעך — אַדי. וואַס מע קען ניט קאָנפֿיסקירן. „מײַן גוטער נאָמען איז א'".

־קייט.

טיקט. ניט־דערוויזן. א'ע ידיעות. 2. ניט

דורכאו'מקאָנפֿירמי'רט — אַדי. 1. ניט־

באַשטעגעגאַנגען די פּראָצעדור פֿון קאָנפֿירמאַציע. א'ע בחורימלעך.

או'מקאָנפֿעסיאָנע'ל — אַדי. וואָס האָט ניט קיין שייכות צו (איז ניט לויטן שניט פֿון) אַן איינגעשטעלטער, קירכלעך־אָרגאַניזירטער רעליגיע. „...די רעליגיעזע, סײַ קאָנפֿעסיאָנעלע סײַ א'ע, וויבראַציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור„, שלמה ביקל, צוק, 1963, 7־8. ▯קייט — א, פֿון יחידישן גלויבן.

או'מקאָנפֿראָנטי'רט — אַדי. ניט־געשטעלט פּנים־אַל־פּנים מיט אַ באַשולדיקער, אַן עדות. א'ער אַרעסטאַנט.

או'מקאָנצענטרי'רט — אַדי. ניט־צונויפֿגענומען, ניט־צונויפֿגעבראַכט אויף איין אָרט, פּונקט, צו איין ענין. א'ע כּוחות, באַמיאונגען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „אָט די גאַנצע פֿילזײַטיקע דײַכקייט אינאיינעם מיט דער א, ווײַזט זיך אַרויס אין זײַן ווערק“, שנ, וועגן יודישע שרײַבער I.

אומקאָנצענטרירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט קאָנצענטרירן. א'ע ענערגיע. ־קייט.

אומקאָנקורירלעך — אַדי. וואָס איז מחוץ

קאָנקורענץ, ניט צו קאָנקורירן. זייער וואָלוועלע,
א'ע סחורות. ־קייט.

653

או'מקאָנקלוזי'וו — אַדי. וואָס איז ניט־
אַנטשיידנדיק. א'ער אויספֿיר. ־קייט.
אומקאָנקרעט — אַדי. ניט גענוג קאָנקרעט
(אָבער אויך ניט אַבסטראַקט). א'ע פֿאָרשלאָגן.
־קייט.
אומקאָסטיומירט — אַדי. ניט־אָנגעטאָן אין
אַ ספּעציעלן קאָסטיום (בײַם פֿאַרשטעלן זיך).
קומען צום באַל א'. אויף אַן א'ן באַל.
אומקאָסטן — די, מצ. 1. (איבעריקע)
הוצאות. ״שעמדט זיך פֿר דיא לײַט זײַן סעודה
מיט גרינגרה און קאָסטן אַן צי שטעלין״, '
פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכז, [ייִבל I]. ,,און,
גיסי ר, יוסף סג,,ל ובעלי זצ,,ל אליש אויף איר
אייגני און קאשׂטין גיצאָגין״, גה, 169. ,,עטליכי
יהודים דיא פֿון ווײַטן קאַמין און, האבן פֿיל
אום קאשׂטין גטאן אום דיא קרינונג בײַא צו
וואונין,,, שאַר, עה פֿאַרקלענערן די א, פֿון

,, .

פּראָדוקציע,,, ימ, נײַס, 1926. ▫ מאַכן א, = אויך:

אָנמאַכן היזק, גורם זײַן היזק.
2. (דאָס וואָס איז אויפֿן) חשבון פֿון עפּעס, פֿון עמעצן. נר. „ווי בּיטער איז זיי געווען אַז דאָס [הײַנטוועלטיקע קינדער־דערציִען] זאָל געשען אויף א, פֿון זייער רעליגיע“, קמ, 1866, No . .

אומקאַסטרירט — אַדי. געבּליבּן מיט די טעסטיקלען, בּצים. אַ גדולה ווי אַן א'ער אין אַ האַרעם.

אומקאַסירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט אַנולירן, בּטל מאַכן. א'ער אורטייל ־קייט.

.

אומקאָסען — טרוו. ־סע אום, ~געקאָסעט.
1. איבּערקאָסען. א, דאָס גאַנצע פֿעלד. 2. אַרומקאָסען. א, די בּרעגעס פֿון פֿעלד.

או'מקאָפּולי'רט — אַדי. (וועגן געוויקסן, בּעלי־חיים) וואָס האָט ניט דורכגעמאַכט קיין סעקסועלע פֿאַרבּינדונג. א'ע קראָליקלעך.

אומקאַפּיטאַליסטיש — אַדי. וואָס איז ניט אויפֿן שטייגער פֿון אַ קאַפּיטאַליסט, ניט בּהסכּם מיט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. א'ע פּראָיעקטן פֿאַר אַרבּעטלאָזע. א'ער אײַנשטעל. ־קייט.

או'מקאַפּיטולי'רט — אַדי. וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבּן. א'ע אַרמיי, פֿעסטונג.

אומקאָפּירט — אַדי. ניט־דופּליצירט. וואָס איז
געבליבן אָן אַ קאָפּיע. ניט־נאָכגעמאַכט. א'ער
בריוו. א'ע ראָלע. ־קייט.
אומקאָפּירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
קאָפּירן. א'ער דאָקומענט. א'ער אופֿן שפּילן.
־קייט.
אומקאָפּען — טרוו. ־פּע אום, ~געקאָפּעט. סל.
1. אומגראָבן. א, אַ פֿעלד. 2. אומבריקען ←.
א, (ווי) אַ פּילקע. ־עניש, ב2.
אומקאַפּריזנע — אַדי. מאַרק ווב. וואָס איז
אָן קאַפּריזן. אַן א, בת־יחידה. [גלײַכער —
~קאַפּריזיק, נעאַל.]
אומקאָקעטירן — אוטוו. ־טיר אום, ~(גע)־
קאָקעטירט. אַ ל נגערע צײַט (אָדער מיט אַ צאָל)
קאָקעטירן. א, מיט בחורים. „קאָקעטירט אום
און קיינער כאַפּט זי ניט אויס„, רייד.
אומקאַרבירט — אַדי. געמאַכט אָן קאַרבן.
געהובלטע, אָבער א'ע ברעטער.

אומקוואַקען

אומקאַרג — אַדי. ניט־קאַרג (אָבער אויך ניט
פֿרײַגיביק, ברייטהאַרציק). „ניט קיין קונץ צו
קריגן פֿון א'ע, גיי צום קמצן„, רייד.

אומקאָרומפּירט, ~קאָרופּטירט — אַדי.
1. אומאיבערקויפֿלעך. האַנדלען ראַיעל, א'.
2. ניט־פֿאַרדאָרבן. אָרנטלעך. א'ע באַאַמטע.
־קייט.
אומקאָרומפּירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט קאָרומפּירן. א'ער ריכטער. ־קייט.
אומקאָרופּט — אַדי. דזוו דפֿוו.
אומקאָרטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך אום, זיך ~געקאָרטשעט. דרייען זיך הין און הער, צונויפֿקנוילן זיך. א, זיך פֿון ווייטיק. "עס ברענען נשמה־ליכט..., און סומנע די וועקסענע שטראַלן; זיי בייגן זיך, קאָרטשען זיך אום אין אַן אימה", אַל, 'יום כיפּור אין קלויז'.
אומקאָריגירט, ~קאָרעגירט — אַדי. ניטפֿאַרריכט, געבליבן אָן קאָרעקציעס. וואָס מע האָט ניט מגיה געווען. א'ער מאַנוסקריפּט. א'ע אויפֿפֿירונג. ־ערהייט — אָדוו. דרוקן א'.
־קייט.
אומקאָריגירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט קאָריגירן. א'ער טעקסט. ־קייט.
אומקאָרעקט — אַדי. 1. אומפּינקטלעך; וואָס מע האָט געזאָגט, געטאָן ניט־אַקוראַט. א'ע ציטאַטן. 2. ניט־ערלעך. א'ע מאָס און וואָג.
3. אומטאַקטיש. אומאיידל. א'ע אויפֿפֿירונג,

האַלטונג. 4. ניט אינגאַנצן ריכטיק פֿון שטאַנדפּונקט פֿון גראַמאַטיק, סטיל אע. „קאָרעקטע און א'ע גענוצן פֿון דער פּרעפּאָזיציע פֿאַר“, אאר, ייִשפּ 3 ,I ‪X‬. „פּרוּוולעך פֿון אומייִדישע און סתּם א'ער טאָפּאָנימיק,,„ מ. שעכטער, ייִשפּ 1 ,II ‪X‬. ־קייט — „אַן א, איז זיכער אַ פֿאַרגעבּלעכע“, אָבֿא גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל“אַ 1957.

אומקבּצניש — [...קאַפּצאָניש] אַדי. וואָס איז ניט לויטן שטייגער פֿון אַ קבּצן. א'ע בּרייטקייט. ־קייט.

אומקדושה — [...קדושע] די. מצ נבֿ. אומהייליקייט. „צוויי טויזנט יאָר א'“, יג, טמז, 3 ‪1957‬. ־דיק — אַדי.

אומקוואַטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~ געקוואַטשעט. אַ לענגערע צײַט קוואַטשען, מאַכן ס'זאָלן אַרויסקומען די קלאַנגען קוואַטש־קוואַטש. אַרומגיין און א, מיט פֿולע שטיוול וואַסער. ־עניש.

או'מקוואַליפֿיצי'רט — אַדי. וואָס האָט ניט געהעריקע קוואַליפֿיקאַציע, צוגעפּאַסטקייט, קענטשאַפֿט; אומקאָמפּעטענט. א'ער אַרבּעטער, אָנגעשטעלטער. א'ע ריכטערס. „נאָר אַזוי קאָן וואָרטן אַן א'ער פֿאַרשוין האָבּן אַ הויכע הכנסה“, טמז,

4 1963 III. ־קייט.

~געקוואָ(ק)טשעט. אויך: ~קוד ־ ־ טשע

1. אַ

אומקוואָ(ק)טשען — אוטוו ־ אום,

ען.

.

לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן הינער).

א, ווי אַ הון פֿאַרן לייגן אַן איי. 2.

אַרויסברענגען פֿאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס דריקן אויס אומצופֿרידנקייט. דאָס עופֿעלע ווײנט ניט, עס קוואָקעט נעבעך אום. ־עניש.

אומקוואַקען — אוטוו. ־קע אום, ~געקוואַקעט.

אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען קוואַ־קוואַ (וועגן פֿרעש) ־עניש.

.

או'מקוויטי'רט

או'מקוויטי'רט — אַדי. וואָס מע האָט אויף דעם ניט אַרויסגעגעבן קיין קבלה. די בײַשטײַערונג איז דערווײַל א'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „די א, רופֿט אַרויס אַ חשד“, רייד.

אומקוויטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~ געקוויטשעט. אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען הויכע

און שאַרפֿע קולות. א אַז מע זאָל דערהערן אין

,

דער צענטער גאַס. ־עניש. ־ערײַ.

אומקוויקן זיך — אוטוו. קוויק זיך אום, זיך ~געקוויקט. אַ לענגערע צײַט הנאה האָבן פֿון עפּעס. א, זיך מיט אַ געשמאַקן ביסן; מיט אַ נײַעם ניגון. ־עכ ן. ־עניש.

אומקוילערן (זיך) — ←אומקאָלערן (זיך).

אומקויקלען — ← אומקײַקלען.

אומקול — [...קאָל] דער (דאָס), ~קולות [קוילעס]. נעאָל. קול וואָס ווערט ניט געהערט. היפּוך פֿון קול. „האָסט אַליין זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן א־קול“ [וועגן לייוויקן], אפֿא, שקיעה.

או'מקולטו'ר — די, ־ן. 1. דאָס פֿעלן פֿון קולטור. מצבֿ פֿון אומוויסן. „בײַ אונדז איז בכלל ניטאָ קיין קולטור־ידידה, נאָר א'“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. 2. אומ(בֿ)תּרבֿות; גראָבֿיונגישקייט. „דער יוגנטלעכער נעמט נאָכמאַכן די א, פֿון די דערוואַקסענע: רייכערט, טרינקט, שפּילט אין קאָרטן,„ ימ איבֿז, ייִנגל און מיידל, ריגע 1929.

או'מקולטורע'ל — אַדי. ניט־קולטורעל, אומוויסנדיק; ניט־ראַפֿינירט, ניט־איידל. פּראָסט. „ער איז געווען דער א'סטער צווישן אַלע

ייִדישע אַקטיאָרן,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.
,,דער פּאַרך איז פֿאַרשפּרייט צווישן דער
אָרעמער, א'ער, שמוציקער און צוזאַמענגעפּרעסטער
באַפֿעלקערונג“ פֿגעז, ווילנע 1 1923, No.
-
,
אומקולטורעלקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ,
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומקולטורעל. ,,איינע פֿון די סיבֿות פֿון אונדזער א,
איז דאָס וואָס מיר אַלע האָבן זיך אין דער יוגנט
ניט געלערנט ייִדיש“, י טדרקייט — ,,די א',
, איינהייטלעכע
פֿאָלקשול, 1922. אויך: ~קד
וועלכע אַן אייראָפּעער פֿילט אין אַמעריקע,,,
דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ.
או'מקולטיווי'רט — אַדי. 1. אומבאַאַרבעט,
אומאַנטוויקלט. א'ע, פֿאַרווילדעוועטע פֿעלדער.
2. ניט־ציוויליזירט. ניט־ראַפֿינירט, ניט־דערצויגן,
ניט־איידל. ,,די מאַסן קומען צוריק רוי און א',,,
בֿ. רודמאַן, צוק, אָקט, 1959. 3. וואָס קומט
אין (פֿון) דער נאַטור; נאַטירלעך. א'ע פּערל.
־קייט.
אומקוליען — טרוו. ־ליע אום, ~געקוליעט.
אומוואַרפֿן. א אַ בענקל.

,

-

אומקוליען זיך — ← דפֿוו. 1. אוטוו. (
אומאיידל) שטאַרבן. זיך איבערפּרעסן און זיך א'.
2. רעפֿל. זיך איבערדרייען. מאַכן קונצן און
עטלעכע מאָל זיך א'. "האָט זיך באַוועגט און
האָט זיך דערנאָך אומגעקוליעט", אמד, די
גײַסטער געשיכטען, ווילנע 1871. 3. רעפֿל. בײַטן
מיינונגען אָדער אָנגעהעריקייט צו אַ ריכטונג.
זיך א, פֿון לינקס אויף רעכטס. 4. קזוו. זיך
ראַנגלען, זיך אומוואַרפֿן. די יִינגלעך קוליען זיך
אום אויפֿן גראָז.

654

אומקום — דער, ־ען. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון
אומקומען. אונטערגאַנג. ,,לידער פֿון א'", הל,
1920. "ניט צו חוזקן פֿון יענע יִידן, די
אומבאַהאָלפֿענע, אויסגעמענטשטע, וואָס זײַנען געפֿירט
געוואָרן צום א'", הל, טאָג, 25 ▯ 1955 I. ,,נישט
געוואוסט האָבן זיי אַז זיי האָבן פֿון טײַך פֿון
א, געטרונקען,,, ייִש איבז, ח. נ. ביאַליק, 'די

מגילה פֿון פֿײַער'. א'־ת ק ו פֿ ה. א'־צ ײַ ט.

אומקומבאַר — אַדי. מאַרק ווב. נר. וואָס קען אומקומען.

אומקומיק — אַדי. וואָס פֿירט צום אומקום, ענדיקט זיך מיט אומקום. „א, זינקען די שוועלן אין גרויליקער עמקות..."„ לע, אַ ייִד אויפֿן ים.

אומקומען — אוטוו. קום אום, איז ~געקומען.

1. אויסגיין, שטאַרבן; ניט קענען מער לעבן. מע קען דאָך א, פֿון זײַנע (אירע) רייו. „און די נשמה מײַנע האָט עס געוואָרפֿן פֿון איין כוואַליע צו דער אַנדערער, נאָר אומצוקומען פֿאַר גרויס לײַדן", ממוס, 'אַ גרויע האָר'. „זי איז שוין לאַנג נישטאָ, זי איז אומגעקומען, זי לעבט שוין מער נישט„, ספּ, ודות. „ווען עס זאָל ניט געווען זײַן משה, זײַן אויסדערוויילטער, וואָלטן חלילה אומגעקומען אַלע ישׂראל", חה, ב, 276. „זיי האָבן טאַקע שיִער מײַן נשמה גענומען, איך בין טאַקע שיִער פֿון דער וועלט אומגעקומען„, גאָר, יודישע לידער, וואַרשע 1882.

2. שטאַרבן פֿאַר דער צײַט פֿון חיות רעות, אומגליקן, קראַנקייט אע. „דער פֿוילער זאָגט: אַ בער איז אינדרויסן, איך וועל אין מי ון דער גאַס א'„, מס, משלי, תּקע„ד, כב, 13. „אין דער

מאסקוו״א דאָדטן בײַא דער סטאָליצ״א איז איין יהודי אום קומן, ער האָט שטיוולין אום גטראגן,,, 'שו״ת מהרש,,ל, 1599 [הש I]. ,,ער איז אומגעקומען אין פֿרײַען פֿעלד פֿון פֿראָסט אָדער פֿון הונגעריקע וועלף״, ווײַס. ,,שובֿ בעט איך דיך שרייַבֿ מיר וואו דער זינגר איז, אויבֿ ער נאָך לעבֿט אודר אויבֿ ער אום קומן איז,,, פּראָגבֿ, 20. ,,האָט מוזין זוא שענטליך...דורך דיא הנט זײַן בּרודיר אום קומין,,, גה, 288.

3. געטייט וערן ווי אַ שטראָף פֿון גאָט. ,,פֿאַר ניט ווײַטר, דוא קומשׂט אום פֿון דען שארפֿי שווערטער דיא...דא היטן דאז גן עדן״, ר, אבֿא בּך, שלמה, סוד הנשמה, אַמשט 1696. ,,שאול המלך איז דורך דיר אום קומן אונ, דואג האדומי פֿון וועגן דז זיא האבּן דיא נובֿ עיר הכהנים אום גיבּראכט״, סהמ, תּהלים, ז, 1. ,,דען מענכה טונן מעשׂים אַלז זמרי אַלז זײַנט וועגן זענן אום גיקומן פֿיער אונ צוואנציג טויזנט פֿון ישׂראל,,, ...

עיון, סט/ב. ,,דר איין עבֿירה גיטאן האָט דער זאַל ווידר איין היים ציהן דז ער ניט ווערט אום קומן פֿון זײַנר עבֿירה וועגן״, לט1, ח/א. ,,דער בּער איז דער גרושׂר מינך, דער ווערט אום קומען״, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר

ש״ץ', פֿירט 1694 [פֿש III].

4. דערהרגעט ווערן על קידוש־השם. ״און די בּחורים זאגין מיר ווילן זיך נוקם זײַן פֿריר פֿון די נוצרים איי מיר ווילן אום קומן אויף קידוש השם״, שי, לבֿ/ב. „זוא וואַרן אונשׂ דיא אום בּקאנטי אום רינגלין אונ, זײַן דא פֿיל אום קומן, וויינִיטן צו גוט רופֿין: היה עוזר לנו״, אַהרון בּר, יוסף, „איין שיין נייא ליד פֿון אובֿן', פּראַג תּמ״ח, [□□2, 2 □□193 □[□(□]□]. „און מיר זאָלן

אומקוקן זיך

אַלע אומקומען אויף קידוש־השם, אַזוי וועלן מיר אַלע האָבּן עולם הבּא„, מעשׂה אומן. „און זײַנען, נעבּעך, אומגעקומען, געוואָרן קדושים״, טמוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'.

5 פֿאַרדאָרבּן ווערן פֿאַרטריקנט ווערן, אויס. .

געריסן ווערן מיטן וואָרצל. „דורך דען ווײַן קומט אַך ויל בּיז דער מענש דר דורך אום קומט״, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, לה, 8. „דורך אַזוינע פֿאָקוסן וואָלטן די ביימער אומגעקומען. דאָס איין מינוט געמאַכטע גרינקייט קלאָמפּערשט וואָלט זיי געקאָסט דאָס לעבּן

זייערס,,, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה'.

6. האַלטן בײַם שטאַרבן. איבערלעבן פּײַן, גרויסן ווייטיק. ,,ריכט אויף, לעבעדיקער גאָט, דעם וואָס קומט אום, וואָס רופֿט צו דײַן ליבן נאָמען, וואָס איז פֿרום“, ממוס, זמירות. *געווען (איז) נאָר אומצוקומען = זייער אַ שווערער, אַ סכּנותדיקער מצבֿ. ,,אַ צוניפֿשטיקעניש נאָר אומצוקומען“, ממןס, ווינטשפֿ.

אומקומעניש — דאָס (די), ־ן. 1. קראַנקייט, מגיפֿה. פּלאָג וואָס ברענגט אום. ,,דען פֿון וועגן זנות קומט איין אומקומנעש אויף דער וועלט ר״ל“, לט2, סב/ב. “זײַ מציל די וואָס זענען אין אַן א'“, מס, משלי, תּקע,,ד, כד, ll.

2. שווערער מצבֿ, סכּנה, וואָס קען פֿירן צום אומקומען. אַן א, אויף די גאַסן. ,,אַן א, באמנות! דער הײַנטיקער קריזיס“, ייִל, דער פּריטשעפּע, אַדעס 1876. ,,וואַרום אין דער איינציקער פּריצישער גאָספּאָדע...איז געווען אַן א, פֿאַר היץ [און] ענגשאַפֿט“, קמ, 40 1866, No.

3. וועטער, וואָס קען פֿירן צום אומקום. ,,וואָס הייסט איר ווילט גיין בײַנאַכט אין אַזאַ א'. ס'איז דאָך סכּנות נפֿשות,,, פּ. רודאָי, טמז, 4 .20 1963 X. ספֿר המלים פֿאַרטײַטשט אָזוי: כּליון, אבֿדון.

אומקונדיק — אַדי. וואָס איז אָן וויסן. אום
געניט. „ מענטשן, וואָס גאַנץ א, זענען אין אַלע
געשעפֿטן„, ר, יצחק האַמבורגער איבז, ￿tיח
יצחק, לעמבערג 1876.
אומקונסט — די, ־ן. שלעכטע, כלומרשטע
קונסט. „וואָס איז דען דער אונטערשייד צווישן
א, און קונסט, צווישן שונד און ליטעראַטור?“,
שנ, וועגן יודישע שרייַבער I.
אומקונציק — אַדי. ניט־קונציק, פּשוט. אַ
געזונטע, א'ע גימנאַסטיק.
אומקוקן — טרוו. קוק אום, ~געקוקט.
אַרומקוקן. זן. ← דוווו. א, די געגנט.
אומקוקן זיך — אוטוו. קוק זיך אום, זיך
~געקוקט. 1. קוקן אַרום און אַרום, אין אַלע
זײַטן. „זי האַרט בײַ דער טיר און קוקט זיך
אום, אויב דער חתן וועט צו איר קומען„, עט,
לידער. „און אום געקוקט זעך גוט אויף יעדע
זאַט; אַזוי ווי ער וואָלט פֿאַר עמעצן מורא
געהאַט„, מאַקמאַן. „ער האָט געקוקט אויף זיך
מיט גרויס דרך־ארץ, זיך אומגעקוקט אויב מע
קען זען ווי ער וויינט“, ממוס, ווינטשפֿ. „האָט
אומגעקוקט זיך שטאַרק געשפּאַנט אויף אַלע
זײַטן נאָכאַנאַנד“, יהואָש, 'דער האָן און די
פֿלעדערמויז'.

2. אומדרייען זיך, קוקן אויף אַהינטער. זיך א, צי עמעצער גייט ניט נאָך. „מע שטעלט פּיס און מע קוקט זיך ניט אום“, ממוט, שטורעמצײַט.

אומקוקעניש

3. זיך ווענדן (מיט רייד). זיך א, און זאָגן. “דאָס קעלבֿל קוקט זיך אום צו מיר און מאַכט: מע!“, ממוס, ספֿר הבהמות.

4. זוכן, פֿאָרשן. “קוקט אײַך נאָר אום צווישן די [פּריצי□] און זעט וויפֿל פֿון זיי לעבֿן אומגעשטראָפֿט אין דער גרעסטער אומזיטלעכקייט“, ייִפֿאָל, 1884, No. 49. 5. אַרומזוכן מיט אַ קאָנקרעטן צוועק. א, זיך וועגן פּרנסה, וועגן אַ געשעפֿטל. „פֿאַר דעם עלטסטן מיידל וואָלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגן אַ שידוך,,, פּרץ, ,דער אוצר'. □.זיך א, אויף אַ מענטשן = א) לייגן אַכט אויף עמעצן; בּ) זוכן דעם פּאַסיקן מענטשן. „איך זאָל מיך א, אויף אַ מענטשן, וואָס דער פּריץ קען אים נישט,,, יפּ.

6. אָריענטירן זיך. זיך א, וואו מע האַלט אין דער וועלט. „נישט קיין צײַט געהאַט אומצוקוקן זיך וואו מען איז אין דער וועלט“, שע, ייִדישע קינדער. „ר, פּנחסל איז דאָך שטענדיק אַ

פֿאַרטראַכטער, אַזאַ למדן! און איידער ער קוקט זיך אום, והילד איננו!“, פּרץ.

7. אַרויסוווײַזן אינטערעס, לייגן אַכט. „אַז די פּאַווע זאָל ניט האָבן די שיינע פֿעדערן, וואָלט זיך קיינער אויף איר ניט אומגעקוקט“, שוו.

„ווער האָט זיך דאָס דעמאָלט געריכט אויף סערקען דער מעל־יִידענע? ווער חאָט זיך דעמאָלט אומגעקוקט אויף איר?“, עט, סערקעלע.

„דער אמת איז אַמאָל גאַנץ נאַקעט אַרומגעגאַנגען אויף דער גאַס. עס האָט זיך קיינער אויף אים נישט אומגעקוקט„, קול יעקבֿ, איבּז, לובלין 1874. „ער פֿלעגט שטענדיק אויסמײַדן פֿרויען־געזעלשאַפֿט און ווייניק זיך אומקוקן אויף זיי“, ספּ, סודות. „יענע וויל זיך אַפֿילו נישט א, אויף אים“, ווײַס I, ,דער אָרעמער יונג'.

„אונדזער פֿאָלק ווערט אויסגעקוילעט, און די וועלט קוקט זיך ניט אום„, הל. „אויף מײַן געשמיסן לײַב האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט„, הל.

8. בּאַטראַכטן, בּאַנעמען; אַ קלער געבּן.

„איידער דו קוקסט זיך אום, האָסטו עס אָפּגעטאָן און פֿאַרפֿאַלן„, פּרץ. „דאָס לשון פֿון אמת האָט אַ קיום אויף אייבּיק, און איי מע קוקט זיך אום בּאַווײַזן זיך די פֿאַלשע ליפּן“, מס,

משלי, תקע״ד, יבֿ, 19. „שווערער נאָך איז אים געוואָרן אויפֿן האַרצן, ווען ער איז אַרײַן אין מיטן מאַרק און אומגעקוקט זיך אויף די שטילע הײַזלעך“, ווײַס, אַ שטעטל. „אין די זיבן טאָג מוז יעדער מענטש א, זיך וואָס ער האָט אין יעדערן טאָג מקלקל געווען“, דרך אָדם, וואַרשע 1860.

9. (מיט נ י ט). זיך באַרעכענען; נעמען אין באַטראַכט. „אַ גאַנץ יאָר וואָס מע טוט, / מע קוקט זיך גאָרניט אום, / אָבער ווער עס האָט אין זיך נאָר אַ פּינטעלע ייִד, / ווערט ראָש־חודש אלול פֿרום“, פֿל. „נאָר אַזוי ווי דאָס האָט געזאָגט איינער פֿון די אַפּיקורסים, די נאַרישע חקרנים, דעריבער האָט זיך קיינער אויף אים ניט אומגעקוקט: אַקוראַט ווי דער הונט בילט“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „דער חפֿץ־חיים האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפֿן געלט און געהאַלטן אין רעדן וועגן שמירת־שבת„, טמז, 7 XII 1961.

10. אַכטונג געבן, אויפֿפּאַסן, זײַן געהיט. „קוק דיך אום אויף די הינטערשטע רעדער„,

שוו. „און ער איז פּלוצעם מיט גרויס בהלה

געגאַנגען און האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף די וואַכן, און די וואַכן זענען אויך דערשראָקן געוואָרן“, נחבֿ, 'מעשׂה מבֿערגיר והעני'.

11. טאָן עפּעס אויף דער גיך. עפּעס וואָס איז פֿון פֿריִער ניט באַשטימט. „איך...זיץ ניט ליידיק, דאָ האָב איך צו פֿאַרריכטן וועש...זאָקן. קומט מען אַהיים דאַרף מען זיך אומקוקן אַהער, אַהין“, ספּ, ויִדישער קאָלאָניסט.

12. הויך אָפּשאַצן, אויסטיילן לשבֿח. „האָט מען אַלץ ווײַטער מער אויף אים זיך אומגעקוקט און ער איז אַלץ וואָס ווײַטער מער אַרויס פֿון דער בלאָטע“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „די יִדישע ליטעראַטור האָט זיך שוין לאַנג אויף אים אומגעקוקט און וועט זיך איצטער נאָו מער א,“, אפּ□, טמז, 23 1960 X.

13. זיך וואַקלען (איידער מע נעמט אָן אַ באַשלוס). זיך א, און ניט וויסן וואָס צו טאָן. „קוק זיך ניט אום, וואָרעם דו וועסט ווערן אַ שטיק זאַלץ“, פֿוול [ווש מיטן בּ2 און אָנצוהערעניש אויף לוטס ווײַ□].

אומקוקעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אומקוקן זיך. „די טײַטש פֿון ווערטער ווערט פֿאַרבּרייטערט אָדער פֿאַרשמעלערט...אָן א, אויף זייער עטימאָלאָגיע„, נפּ, ייִפֿאַ 1938, 8.

או'מקוראַ'נט — אַדי. 1. וואָס פֿאַרקויפּט זיך
ניט גוט, וואָס איז ניט צײַטלעך. א'ע סחורה.
2. אומערלעך. א'ער סוחר. ־קייט.
אומקורירבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
אומקורירלעך. "ניט געלאָזט זיך באַזעצן אין
האָספּיטאַל אַלס א'ער פּאַציענט", ווינטש III, נ"י
.1920
אומקורירט — אַדי. ניט־געהיילט. אַ
קורירלעכע, אָבער דערווײַל א'ע קראַנקייט. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומקורירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט
אויסהיילן. „זיך מודה זײַן אין אַ פֿאַרפֿאַלענעם
חסרון, כמעט אַן א'ע חולאת", יג, טמז,
1 XI 1957. ־קייט.
אומקורסירן — אוטוו. ־סיר אום, ~(גע)
קורסירט. זײַן אין פֿאַרקער, אין צירקולאַציע אַ
לענגערע צײַט אָדער אין אַ סך ערטער. „דאָס
נײַע פּאַפּירגעלט קורסירט אום אין אָבאָסט(←)",
פּב. קלאַנגען קורסירן אום.
אומקורצזיכטיק — אַדי. ניט־קורצזיכטיק
(אָבער אויך ניט באמת ווײַטזיכ□ויק). א'ער פּלאַן.
־יקייט.
אומקושן זיך — קזוו. קוש זיך אום, זיך
~געקושט. אַ לענגערע צײַט קושן זיך,

צערטלען זיך. א, זיך ווי די ערשטע וואָך נאָך דער חתונה. ־עכץ. ־עניש.

אומקיבו'ציש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן דרך פֿון אַ קיבוץ. אומיושרדיקע, א'ע אַרבעטצעטיילונג. ־קייט.

אומקיבעצן זיך — קזוו. ־בעץ זיך אום, זיך ~געקיבעצט. אויף אַ גוטמוטיקן אופֿן זיך אומשטעכן, אַרײַנזאָגן. א, זיך בײַ אַ שפּיל. א, זיך מיט שטעכלקעס.

אומקיומדיק — [...קי'(י)עמ...] אַדי. וואָס האָט ניט (קען ניט האָבן) קיין קיום. א'ע גרופּירונג.

אומקײַשן

אומקיטעווען — טרוו. ־טעווע אום, ~ געקיטעוועט. אַרומקיטעווען, פֿאַרשמירן מיט קיט אַרום און אַרום. א, די פֿענצטער, די שפּאַרונעס.

אומקײַלעכדיק — אַדי. ניט־קײַלעכדיק. א'ע ציפֿערן. „בײַ דער א'ער יאָרצײַט געלעגנהייט„, יג, טמז, 8 IX 1963. א'ע קאָנסטרוקציע. ־יקייט.

אומקײַען — טרוו. קײַ אום, ~געקײַט. קײַען אַ לענגערע צײַט. איבערקײַען. א אַ גאַנצן טאָג,

,

דאָס מויל זאָל זיך ניט צומאַכן. ־עכץ.
־עניש.

אומקײַ□ □ □לען. אַרומקײַקלען. אַ □ײַקלט.
— ענגערע
י ל — טרוו. ־קל אום, ~גע
פּ□ : ~
צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט שטויסן עפּעס
קײַלעכדיקס. א, אַ ראָד, פּילקע, אַ פֿעסל. קללות. א,
זאָל דיך אַ דונער; א, זאָל מען דיך אין
לײַלעכער (= זאָלסט קריגן די כאָלערע). *א, זאָל דיך
אין וואָס איך ווייס = אַ מאַמעס אַ קללה, ווען
זי כאַפּט זיך צוריק. ~קאָלערן, ~קוילערן.
־עניש.
אומקײַקלען זיך — אוטוו. ← דפּוו. אָן דעם
ווײַזן אויף דער סיבה. אומוואַלגערן זיך. א, זיך
אין היי. „דער סולטאַן האָט זיך איניקע שטונדן
אומגעקײַקלט אויף זײַנע טײַערע דיוואַנעס„,
אמד, שוד ורצח, ווילנע 1880. „וועל אויף וועל
האָט זיך געוואָרפֿן, און אַ דומפּער, שטומפּער
ברום האָט אומגעקײַקלט זיך„, יהואָש, 'אין
געדראַנג'.

אומקײַש — אַדי. אַרכ. kiusehe—n□ך □ □Mh.
געשלעכטלעך צעלאָזן, פֿאַרדאָרבן, תּאווהדיק.

„אויך שרײַבט די פּרשה...פֿון סוטה, ווען איין אשה איז אונקײַש (למעול מעל)“, צאינה, במדבר, נשא.

אומקײַשהייט — די, ־ן. אַרכ. מצבֿ אָדער אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אומקײַש. מלל פֿאַרטײַטשט ,ונאפֿופֿיה מבין שדיה, (הושע, ב, 4): „ אונקיישהייט„ [תּי: „ניאוף]. „גאָט האָט דאָך און קײַשהייט פֿײַנט אונ, האָט עשׂ דאָך זעלבּרט אין אייאר תּורה פֿר באָטן“, מבֿ, מעשׂה קיד. באר משה פֿאַרטײַטשט 'ואמר לבלה נאפֿים, (יחזקאל, כג, 3): „און איך האָב געזאָגט צו איר עלטער אין אונקיישהייט“. „מיר האבן גטריבן דיא אום קיישהייט...“, הבחור חנוך בר, צבֿי הירש [איבז], אגרת בעלי חייס, הענא 1718.

אומקײַשונג — די, ־ען. אַקט, פּראָצעס פֿון אומקײַשן. ניאוף. געשלעכטלעכע אוממאָראַלישקייט. „אונ, קערט אים אָפּ מסתּכל צו זײַן און צו זעהין מיט דיא אויגן וואו ער זאָל ניט זעהין בכמה (מיני זנות ומיני ניאוף) אום שטעטיגייט אונ, אום קיישונג“, נצ1, במדבר, טז/ד.

אומקײַשן — אוטוו. קײַש אום [אומקײַשט], ~געקײַשט. אַרכ. זײַן געשלעכטלעך צעלאָזן;

נואף זײַן, נואפֿן. מ t פֿאַר װײַטשט 'לא תנאף, (שמות, כ, 13): ,,דוא זאָלשׂט ניט אונקײַשן,,.. ,,דען װעלכי פֿרויא דיא דא און קײַשט אונ, ליגט בײַא איין אַנדרן מאַן, דא פֿר לייקנט זיא אַן הקבֿ"ה,,, מבֿ, מעשׂה רד. ,,דר זכר טוט אום קײַשן אונ, די נקבֿה טוט אום שטעטיגן", סהמ, ישעיה, נז, 3.

אומקײַשער

אומקײַשער — דער, ־ס. װנ ־ין, ־ס. אָרכ. נואף. מ פֿאַרטײַטשט 'מות יומת הנואף, (ויקרא, כ, 10): ,,דר אוהן קײַשר,,. באר משה פֿאַר־ א טײַטשט 'ומנאפֿת, (הושע, ג, 1): ,,
אומקײַשע. א
יז גלײַך אַז שטענד (ממאה ערות) פֿון רין". ,,[גלית] איז גיקומן [ממערות פלשתּים]... דש א
הונדערט אַנטפלעקיר אונ, אום קײַשיר,,, סהמ, שמואל א, יז, 23. ־ערײַ — ,,דײַן און קיישיריי האבֿ איך גיזעהן,,, מ. שערטילש, ספֿר א ירמיה, פּראָג 1602, יג, 27.
אומקימערן זיך — אוטװ. ־ער זיך אום, זיך ~געקימערט. אַ לענגערע צײַט זיך זאָרגן, זיך

נעמען צום האַרצן וועגן אַ צאָל (ענינים, מענטשן). א, זיך וועגן אייגענע און אויך פֿרעמדע א קינדער.
אומקינד — דאָס, ־ער. שלעכט, ווילד קינד. ימ.
אומקינדיש — אַדי. ניט־קינדיש, וואָס איז ניט א ווי בײַ אַ קינד. אויפֿפֿירן זיך ווי אַ בר־דעת, א'. ־קייט.
אומקינדערדיק — אַדי. וואָס האָט ניט געַ־ א בראַכט אויף דער וועלט קיין קינדער. אַן עקרה, אַן א'ע פֿרוי. ווי אַ סובֿ: א'ע = עקרה, א'ער — עקר פֿון אַ יאָר עטלעכע דרײַסיק, אַ א — . „...
פֿריילעכע און א'ע„, עוזר וואַרשאַווּ קי, ווילנע 1926. ־יקייט.
אומקינדעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן שטייגער (ניט בהסכּם מיטן כאַראַקטער) פֿון קינדער. א אַרײַנטראַכטו זיך אין אַן ענין. א
,
־קייט.
אומקיניגן — אוטוו. קיניג אום, ~געקיניגט. 1. קיניגן אַ לענגערע צײַט אָדער איבער אַ צאָל לענדער. א, פֿון הודו ביז כּוש. 2. הערשעווען אַ לענגערע צײַט. א, אין דער מאָדע־וועלט, אין
אומקינסטל — אַדי א

עך . היפּוך פֿון קינסטלעך

.

טעאַטער, צווישן וואוילע־יונגען.

נאַטירלעך. ריידן, אויפֿפֿירן זיך, א'. עכטע, א'ע
פּערל. ־קייט — אַן א, וואָס וואַרפֿט זיך אין
די אויגן.
אומקינסטלעריש — אַדי. וואָס האָט אין זיך
ניט די אייגנשאַפֿט, די מעלות פֿון קונסט. אַן
א, ווערק. „אַזוינע פּאַרשוינען ווי...זענען שטאַרק
 א, איבערגעזאַלצן“, לע, טטז, 17 65 1 II. א
-

ייִט.
או

אומקינצלעך — אַדי. פֿטמ. דזוו אומקינסטלעך.
אומקיצלען — טרוו. ־צל אוס, ~געקיצלט.
1. קיצלען אַ לענגערע צײַט אָדער אַ צאָל. א,
אונטער די פּאַכוועס. מיט ז י ך — קזוו.
2. בּמקום־ווערבֿ פֿאַר סעקסועלע
פֿאַרהעלטענישן. 3. בּמקום־ווערבֿ פֿאַר אויבֿנאויפֿיקע
אַרבעטן. „טאָנ אַרומשנײַדו אע) בּאַדאַרף מען, א
ניט א'“ - ש.

.

אומקירעווען — טרוו. ־רעווע אום, ~
געקירעוועט. אויך: ~קערעווען. 1. ווענדן אין אַן
אַנדער (זײַטיקער) ריכטונג. א, דאָס פֿערד אויף
רעכטס, לינקס. א, דעם שטראָם. פֿיג. א, די
יוגנט. 2. אויסדרייען אויף צוריק. א, די פֿערד
(דעם וואָגן) און פֿאָרן אַהיים.
אומקירצן — טרוו. קירץ אום, ~געקירצט.
1. אַרומקירצן. א אַ לאַנגן בגר. 2. דערפֿירן

,

אַ ברוכצאָל צו דער פּשוטסטער פֿאָרעם דורך

6 6

עטלעכע פּראָצעסן, למשל: 75/180=750/1800
=5/12=25/60 ־עניש.

.

ומקירצעוודיק — אַדי. וואָס לאָזט זיך
ניט קירצן. א'ע ברוכצאָל. ־יקייט.
ומקלאָגמוטעריש, ~קלאָגעריש — אַדי.
וואָס איז ניט לויטן שטייגער פֿון קלאָגמוטער,
פֿון אַ (באַ)קלאָגער. אַן איובֿדיקער, א'ער
פּראָטעסט קעגן רבונו־של־עולם.
ומקלאַמערן — טרוו. ־ער אום, ~
געקלאַמערט. אַרומקלאַמערן. צונויפֿפּרעסן,

צונויפֿדריקן (ווי) אין (מיט) קלאַמערן. „די שטאָט האָט
מיך מיט טויזנט הענט אומקלאַמערט“, דא, „די
שטאָט'.
ומקלאַנגיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ
קלאַנג. א, ווי אַ פֿיש. 2. ניט־וואוילקלאַנגיק.
א'ע סטראָפֿעס פֿון אַ ליד. ־יקייט.
ו'מקלאַסיפֿיצי'רט — אַדי. ניט־צוגערעכנט
צו אַ קלאַס, קאַטעגאָריע, גרופּע. א'ע ביכער.
א'ע בעלי־חיים. ־קייט.
ומקלאַסיפֿיצירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס
מע קען (לאָזט זיך) ניט קלאַסיפֿיצירן. א'ע
מיקראָסקאָפּישע באַשעפֿענישן ־קייט.
.
ומקלאַסיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט ווי ביַי
קלאַסיקערס. א'ער סטיל. 2. וואָס האָט ניט
קיין שײַכות צו דער גריכיש־רוימישער
קולטורוועלט. „עטישער מאָנאָטעאיזם איז בפֿירוש א'„.
־קייט.
ומקלאָפּאָטש — או : . ־טשע אום, ~
גען .
קלאָפּאָטשעט. פּפֿ: ~ק אַפּאָטשען. ←
~כלאָפּאָטשען. אויך מיט ז י ך. 1. זיך
משתדל זײַן אַ לענגערע צײַט אָדער אין אַ סך
ערטער. א, ווענן אַן ענין אין די הויכע פֿענצטער.

2. דאגהנען זיך.
ומקלאַפּן — קלאַפּ אום, ~געקלאַפּט. אוטוו
— קלאַפּן אַ לענגערע צײַט אָדער אין אַ סך
ערטער. א, אין די לאָדנס..א, אין אַלע טירן =
אינטערוועניִרן, זיך משתּדל זײַן וועגן עמעצן.
*א, מיט דער צונג = פּלאַפּלען, ריידן דבֿרים
בטלים. טרוו אַרומקלאַפּן; באַשלאָגן מיט

עפּעס אַרום און אַרום. א, טיר און פֿענצטער
מיט ליאַם ־עניש. ־ערײַ.

.
ומקלאַפֿטערן — טרוו. ־ער אום, ~
געקלאַפֿטערט. אַרומנעמען מיט די אָרעמס, הענט. א,
אַ סך שײַטלען האָלץ. „זאָל זײַן אַלזו פֿיל אַז
איין מאַן מיט בײדי זײַני ארמן אום קלאפֿטרן
מאג„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „איטליכר זײַל
דרייא גרושי מעניר אום קלאפֿטירן קענטי“,

אַלכּסנדך עטהויזן, בית י)ראָל ובֿית הבּחירה,
אַמשט 1724.
ומקלאָר — אַדי. 1. ניט־לויטער, ניט־ריין.
פֿרילינגדיקע א'ע שטראָמען. 2 פֿאַרטונקלט,

.
פֿאַרהוילן, סודותדיק. „יעדער שורה באַזונדער
האָט גערעדט, בעת אַלע שורות אינאיינעם זײַנען

געוועזן שטום: קלאָרע ווערטער — אַן א, ליד„, שנ, ה. לייוויק.

3. ניט־פּינקטלעך, ניט־פּערפֿעקט. רעדן א'.
„אַשס שפּראַך איז זייער אָפּט אומבאַשטימט. זײַנע באַשרײַבונגען זײַנען א', ניט אַלעמאָל פּינקטלעך„, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II.

4. אומבאַשטימט, מטושטש. וואַקלדיק. „פּינסקי

אומקלימפּערן

האָט אין דעם א'ן פּראָטעסט פֿון אַ גאַסמענטשן דערקאָנט דאָס נײַע און דאָס באַדײַטנדע“, בעמ I.
„א'ע און אומבאַשטימטע סאָציאַלע אַנטוויקלונגען„, י. לעשצינסקי, היימיש, אָדר תשי„ח. א'ע שטעלונג.

אומקלאָרקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ, אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומקלאָר. די א, פֿון דער סיטואַציע. “אונטערצונעמען די ענדגילטיקע נאָרמירונג אויף דעם געביט, כּדי איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערן פֿון פלאָנטענישן און א'ן“, קלמן שיף, ייִשפּ XXIII, 1.

אומקלדג — אַדי. ניט־קלוג (דאָך ניט אינגאַנצן נאַריש). א'ע רייד, האַנדלונג. „דיזער א'ער יונגערמאַן...האָט געמיינט...„ אמד, דער בדחן,

ווילנע 1864. „ווי אומבאַדאַכט און ווי א, עס איז
די דאָזיקע אָפּזונד▯ונג“, ש. ביקל, טמז,
25 X 1963 .־שאַפֿט.
אומקליאַנטשען — טרוו. ־טשע אום, ~
געקליאַנטשעט. אַרומגיין און מיט הכנעה עפּעס
בעטן. א, גמילות־חסדלעך. ־עניש.
אומקליגן זיך — אוטוו. קליג זיך אום, זיך
~געקליגט. אַ לענגערע צײַט אָנשטרענגען זיך
צו געפֿינען אַן עצה אָדער אויסוועג. א, זיך
▯עמע▯יר
— אויך: ווענלן, פּרוּוון
איבערכיטרעצו געבן אין האַנט אַרײַן. פּפֿ: ~
קליגען
וועןן.
אומקליגעריש — אַדי. וואָס אין דעם איז
ניטאָ קיין קליגלען זיך; ניט־כיטרע. „א'ע,
אומבאָמבאַסטישע, נאָר פּשוט אַרויסגערעדטע רייד“,
יג, תּוך. ־קייט.
אומקלייאיק — אַדי. נעאַל. אומקלעפּיק, ב1.
וואָס מע קען ניט צוקלייען. דעפֿעקטיווע א'ע
פּאָסטמאַרקעס.
אומקלײַבלעך — אַדי. מאַרק ווב. וואָס מע
קען ניט קלײַבן. „א'ע סחורות — מע מוז נעמען
וואָס מע זעט“.

אומק — טרוו. קלייַב אום, ~געקליבן.
פּפֿ: יבן. 1. איבערקלייַבן. א, די
פֿאַרוואַלטונג. 2. קלייַבן אַ לענגערע צײַט אָדער
אין אַ צאָל ערטער. א, זאַנגען אין פֿעלד.
־עכץ. ־עניש.
אומקליידן — טרוו. קלייד אום, ~געקליידט.
אָנטאָן אַנדערע קליידער. איבערקליידן. א, אַ
קינד פֿאַר אַן אַלטיטשקן. מי ן ז י ך — א, זיך
וו אַ פּורים־שפּילער. „אַלס דער אוקאַז פֿון א,
י
זיך איז געקומען, זײַנען דיזע פֿאַלשע סחורות
געכליבן גאָר אָן אַ ווערט„, אמד, די אידעשע
קליידער אומוועקסלונג, ווילנע תּרל„א. „האָט
ער אויסגעלאָשן די ליכט און זיך שנעל
אומגעקליידט„, צאינה וראינה, נ״י תּרע„ג. ־ונג.
־עכ ן. ־עניש.
אומקלײַזלדיק — אַדי. וואָס איז ניט ווי אין
אַ קלײַזל. אַן א'ע כלל־ישׂראל־פּאָליטיק.
־יקייט.
אומקלייען— טרוו. קלײַ(ע) אום, ~געקליי(ע)ט.
אומקלעפּן (←) מיט קלײַ.
אומקלימפּערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געקלימפּערט. (אַרומגיין און) אַרויסגעבן אַ געקלאַנג.
א, מיטן בונט שליסלען. א, מיט די עטלעכע

מטבעות אין קעשענע. ־ניש.

אומקלינגען
אומקלינגען — קלינג אום, ~געקלונגען.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט קלאַפּן מיט (אין) אַ גלאָק, מיט שטיקער מעטאַל אע. א, מיט שטיקער אײַזן פֿאַרהלושעט צו ווערן. אַקוזוו

,

— צעטראָגן רכילות. א, רכילות אונטער אַלע פֿענצטער. ־עניש.
אומקלעטערן — אוטוו. ־ער אום, ~ געקלעטערט. 1. אַרומקלעטערן. אַ לענגערע צײַט קריכן מיט הענט און פּיס, האָריזאָנטאַל אָדער ווערטיקאַל. 2. פֿיג. (זיך) באַוועגן אַזוי ווי געקלעטערט איבער עפּעס. „[ע] האָט אַרײַנגעשטעקט דעם...קאָפּ אין טיר און מיט די אויסגעוועפּטע אויגן געצומען א, אין די צוויי צוגעקליבענע צימערן“, א. קאַהאַן, אינזשענערן. „דאָ האָט דײַן געלעכטער אומגעקלעטערט“, מאיר שטיקער, טמז, 24 XI 1963. ־ניש.
אומקלעפּיק — אַדי. 1. וואָס קלעפּט ניט, קלעפּט זיך ניט צו. עפּעס א, קלעפּפּאַפּיר. א, ווי כשר(ע) שפּײַעכץ. 2. ניט־אָנשטעקיק. א'ע קראַנקייטן. ־יקייט.

אומק — טרוו. קלעפּ אום, ~געקלעפּט.
פּפֿ: עבן. 1. אַרומקלעפּן. א, די ווענט מיט אַ שמאָל לויפֿערל. „ייִעדרש שטוק טוהט איר מיט ווייש פּאַפּיר אום קלעבן פֿון בידן זײטן,„ מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבת, פּראָג תּקל״ה. 2. איבערקלעפּן. א, דאָס וואַנטפּאַפּיר. מיט ז י ך , קזוו — זיך שטאַרק ליבּ האָבּן, אַרויסווײַזן קעגנזײַטיקע צוגעבּונדנקייט. א, זיך ווי קינדער אַרום אַ מאַמען. —עניש.
אומקלעפּעוודיק — אַדי. דזוו אומקלעפּיק, בּ1. אויסגעוועפּטער א'ער קלײַ.
או'מקלעריקאַ'ל — אַדי. ניט־קלעריקאַל. „די קאָנסטיטוציע פֿון דעם לאַנד איז ניט אַנטיקלעריקאַל, זי איז נאָר א'״, רייד. —קייט.
אומקמצנותדיק — [...קאַמצאָ'נעס...] אַדי. וואָס איז אָן אַרויסווײַז פֿון קאַרגשאַפֿט. א'ע נדבֿה ־יקייט.

.

אומקנאהדיק — [...קינע...] אַדי. וואָס איז אָן אַרויסווײַז פֿון קנאה. א, לויבּן אַ חבֿר. ־יקייט.
אומקנאיש — [...קאַנאָאיש] אַדי. וואָס איז ניט לויטן שטייגער (דרך) פֿון אַ קנאי. א, פֿאַרשטיין דעם צווייטנס מיינונג. מיט א'ן געדולד. ־קייט.

אומקנאַלן, ~קנאַקן — אוטוו. קנאַל, קנאַק
אום, ~געקנאַלט, ~געקנאַקט. אַ לענגערע
צײַט קלאַפּן אָדער פּאָכן ס'זאָל זיך באַקומען אַ
קנאַק, אַ קנאַל. א, מיט אַ שפּיצרוט, מיט די
שפּאָרן. ־עניש.
אומקנוילן — טרוו. קנויל אום, ~געקנוילט.
אַרומקנוילן, אַרומוויקלען (ווי) אין אַ קנויל. א,
עמעצן מיט רכילותן און בלבולים. ־עניש.
קנייטשט. אויך: ~קניי שלען. קנייטשו
אומקנייטשן — טרוו. נייטש אום, ~

געאויף אַן אַנדער אופן. א, די פּלוגבלעטער. א אַ

בלעך און מאַכן אַ רינעווקע. מיט ז י ך —
1. (אָן דעם אָנווײַזן די סיבה) פֿון זיך
אומגעקנייטשט ווערן. 2. שטילערהייט נאָכגעבן
עמעצנס פֿאָדערונגען, בײַטן פֿריערדיקן אײַנשטעל.
זיך א, און צושטימען צו יענעמס דעה. ־עניש.

657

אומקנײַפּן — טרוו. קנײַפּ אום, ~געקנײַפּט.
קנײַפּן אַ לענגערע צײַט אָדער אין פֿאַרשיידענע
ערטער. א, די מויד מיט יצר־הרע־קניפּלעך.

־עניש.

אומקנ￼ען — אוטוו. קני אום, ~געקניט. אַ לענגערע צײַט פֿאַלן, שטיין אויף די קני. א, ווי פֿאַר א מלך ־עניש.

— ־
.

אומקניפּ(לע)ן — טרוו. קניפּ(ל) אום, ~ געקניפּ(ל)ט. איבערקניפּן. א, דאָס טיכל, מאַכן אַן אַנדער קנופּ.

אומקנעטן — טרוו. קנעט אום, ~געקנעט (~געקנאָטן). 1. איבערקנעטן. א, די חלה. א, ליים. פֿיג. וואול. א, אַ מויד. מיט ז י ך, קזוו — זיך שלאָגן, זיך ראַנגלען. 2. במקום־ווערב פֿאַר טאָן אויף אַן אַנדער אופֿן ווי: אומאַרבעטן, איבערדערציִען, איבעראַנדערשן, איבערפֿורעמען אע. א, די פֿינצטערע מאַסן. א, די רעקרוטן. ־עניש.

אומקנעכטיש — אַדי. היפּוך פֿון קנעכטיש. האַלטן זיך, אויפֿפֿירן זיך א, ־קייט.

.

אומקנעלן — קנעל אום, ~געקנעלט. טרוו — אַ לענגערע צײַט לערנען אָנגעשטרענגט (בײַטעם פֿון ביטול); אײַנלערנען דאָס זעלביקע. א, די קינדערשע תּורה מיט גרויסע בורילעס. אוטוו — אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט לערערײַ

(פּעיאָ). א, אַ לעבן־לאַנג און בלײַבן אַ קבצן.

־עכ ן. ־עניש.

אומקנעלעריש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן שטייגער פֿון אַ קנעלער. אײַנלערנען עפּעס א', נאָר אויף אַ מאָדערנעם אופֿן.

אומקנעפּלען — טרוו. ־פּל אום, ~געקנעפּלט. 1 פֿאַרקנעפּלען פֿאַרשפּיליען אויף אַן אַנדער

. ,

אופֿן. א, דאָס מאַנטעלע. 2. (איר). מאַכן אויס קנעפּל, אויס דעה־זאָגער. „מיר אַליין האָבן דיך געמאַכט פֿאַר אַ קנעפּל, וועלן מיר אַליין דיך א',,, רייד, קאָוונע.

אומקעגנזײַטיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ צווישנאַנאַנד. ניט אַנטקעגנדיק. א'ע ליבשאַפֿט.

-

־יקייט.

אומקעגנעריש — אַדי. ניט־קעגנעריש (אָבער אויך ניט פֿרײַנדלעך). אָננעמען אַן א'ע שטעלונג צו עפּעס, עמעצן. ־קייט.

-

אומקעגנערשאַסט — די (דאָס), ־ן. ניטקעגנערשאַפֿט (אָבער ווײַט פֿון אָנהענגערשאַפֿט).

א, צו אַ נײַעם פּראָיעקט.

אומקעגנשטעליק — אַדי. וואָס מע קען ניט שטעלן איינס קעגן דאָס צווייטע. א'ע באַגריפֿן, כּוחות אאַזוו.

אומקעכלען — טרוו. ־כּל אום, ~געקעכלט. קעכלען כּסדר, אָן אויפֿהער. שטענדיק נאָכגעבן אַלע קאַפּריזן. א אַ מאַן אַ גאָרנישט.

,

-

אומקעמפּן — אוטוו. קעמף אום, ~געקעמפּט. קעמפֿן אַ לענגערע צײַט אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער. "די צוויי צײַטונגען קעמפֿן אום אַז עס איז אַ חלשות", רייד.

▯

אומקעמסעריש — אַדי. וואָס איז ניט אין דרך פֿון (ווי עס פּאַסט פֿאַר) אַ קעמפֿער. א'ער קאָמפּראָמיסלער. ־קייט.

אומקער

אומקענבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט דערקענען; אומקענטלעך. וואָס מע קען ניט דורכלייענען, דערהערן אע. ,,אין געפֿאַל די מערקן און די אותיות א, ווערדען,,, תּקנות להשומרים אצל הגבֿינות, אַמשט 1846.

או'מקע'נזײַניק — אַדי. נעאָל, סטוטש. נר. וואָס קען ניט זײַן. וואָס מע קען זיך ניט פֿאָרשטעלן, אומגלייבעוודיק. א'ע וואונדיירים.

אומקענטיק — אַדי. דזוו אומקאָנטיק. וואָס האָט נאָך זיך ניט געלאָזן קיין סימן. א'ער שראַם פֿון אַ פֿאַרהיילטער וואונד ־יקייט.

.

אומקענטלעך — אַדי. אומבאַקאַנט; וואָס מע וייס פֿון דעם ניט; וואָס איז ניט צו דערקענען. מלל פֿאַרטײַטשט 'התחפשׂ...ויבֿוא במלחמה, (מלכים א, כבֿ, 30): ,,ווערדי אונקענטליך,,. ,,אום זיך א, צו מאַכן פֿאַר זײַנע נאָכיאָגער", אמד, נטע גנבֿ, ווילנע 1887 ־קייט — "

אינטע.

גרירן אין דעם אַמעריקאַנישן שמעלצטאָפּ ביז פּאָלנער ייִדישער א',,, ש. ביקל.

אומקענטעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
אומקענטשאַפֿט, בֿ1. „אויפֿגענומען געוואָרן מיט חידוש און מיט אַ געפֿיל פֿון אומרואיקייט מחמת א, פֿון ראַסנדיקער בּיִאָלאָגיע“, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. „די שרעק...נעמט זיך פֿון דער א, פֿון די...בּאַדינגונגען„, היימיש, רעד', אָקט, 1961. “מחמת א, אין רוסיש„, זר, ייִבל 7 ,XIII־8.

אומקענטשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. 1. דאָס ניט־האָבן געניט ווייַסן, ידיעות. „די פּראָפּאָרציע צווישן קענטשאַפֿט און א, פֿון ייִדיש פֿאַרערגערט זיך פֿון טאָג צו טאָג“, ש. ביקל, טמז, 1957 ▯ 31. 2. אומקאָמפּעטענץ, אומרגילות. זיך נעמען צו עפּעס און תּיכּף אַרויסווײַזן א'.

אומקעניגלעך — אַדי. וואָס איז ניט ווי בּײַ אַ קעניג, ניט מעשׂה קעניג. אַן א'ער אויפֿנעם. ־קייט.

אומקענעוודיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין ווייסן אין עפּעס. א, בּלאָנדזשען צווישן די קליינע אותיעלעך ווי אין אַ פֿינצטערן וואַלד. ־יקייט.

אומקער — דער, ־ן. 1. דאָס צוריקקומען, דאָס קומען צום פֿריִערדיקן אָרט. “קוקט זיך צו צום אַרויספֿלי און א, פֿון די בּינען אין בּינשטאָק“, יאַכ I. „די אידייע פֿון פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן ייִדישן א, קיין ציון“, צײַט, טמז, 1962 I ▯ 15.

א־ג ע ז ע ץ. ,,ייִדן זוכן פּלוצעם אַזילרעכט אין ישׂראל אויפֿן סמך פֿון חוק־השבֿות (א־געזעץ)״, היימיש, תּשרי תּשכ,,ג. א־פּ ו נ ק ט. א־ט י פּ ו ס = וואָס קומט נאָכאַמאָל בײַ דעם זעלבֿיקן קראַנקן (נאָכן כלומרשטן געזונט ווערן). א־ו ו ע נ ע = די ווענע וואָס ברענגט צוריק דאָס בלוט אין האַרץ אַרײַן.

2. דאָס קומען צו אַ פֿריִערדיקן פּונקט אין קרײַזלויף פֿון צײַט. תּי פּאַרטײַטשט ,תשובֿת השנה, (ש מואל בֿ, יא, 1): ״און עס איז געווען בײַם א, פֿון יאָר״. ״דאָס איז דער א, צו אַ נײַער תּקופֿה פֿון באַרבאַריע,,, ר. ראַקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, ב״א 1949.

3. דאָס צוריקקומען צו אַ פֿריִערדיקן מצבֿ, אײַנשטעל, שטאַנדפּונק ◌ מו. דער א, צו די יוגנטלעכע אידעאַלן. א, צו אַ פֿריִערדיקן מנהג. ,,עס מעגן פֿירן וועגן און שטעגן פֿון דעם ייִדישן דענקען צו ספּינאָזאַס אידייען, אָבער בײַ דעם

אומקערבאַר

הויפּטפּונקט...איז גאָרניט מעגלעך קיין א',,,

קאָר I. ,,תּשובֿה האָט צווייערליי טײַטשן: א, און ענטפֿער. די שײַכות צווישן די צוויי טײַטשן איז

— דער ענטפֿער איז א',, הלל זיידמאַן, טמז,
.X 19▯2 7

4. דאָס אָפּוועגדן זיך אין אַ זײַט, אין אַן אַנדער ריכטונג, ל2. א, צו רעכטס. 5. אומדריי. אומוועגד. א, אין אַ טאַנץ. א, בײַ גימנאַסטישע געניטונגען. 6. דאָס אָפּגעבן, אַפּצאָלן צוריק, אָפּגעב, צוריקצאָל(ונג). א, פֿון חובֿ.

אומקערבאַר — אַדי. דטשמ. נר. מאַרק ווב. וואָס מע קען אומקערן.

אומקערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומקערן.

אומקערלעך — אַדי. וואָס מע קען אומקערן, ברענגען צוריק צום פֿריִערדיקן מצבֿ. וואָס קען זיך ווידער איבערחזרן. א'ע רעאַקציע (כעמיע).

או▯קער — טרוו. קער אום, ~געקערט. ־[.
אין
— ייִט.

בערדרייען אויף דער צווייטער זײַט. ,,קערט אום דאָס קאַרטל אויף דער צווייטער זײַט, ווי מע קערט אום אין אַן אָבֿל־שטובֿ דעם שפּיגל,,, אַר, אַנזיכטס־קאַרטן'. ,,זול ער דשׂ ענד פֿון דער מפּה
,
צום חזן צו ווענדן, דא מיט וועט מן ווידר לייאן

ווײל דשׂ מן...ניט דאַרף אום קערין,,, ספֿר
המנהגים, אַמשט 1723. ,,ווען מען אַ מת האָט מטהר
געווען, אַזוי זאָל מען דאָס מטהר ברעט ניט א',
דען עס איז אַ גרויסע סכּנה דאָס ח,,ו איינער
שטאַרבן מוז אייער [= איידער] דרײַ טאָג
פֿאַרבײַגיין,,, ר, אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך אַבֿרהס,
לאַשצובֿ 1817. ,,זאָל ער ניט פֿריִער זייען און
נאָכדעם א, מיט דעם אַקער, נאָר ער מוז פֿריִער
א, און נאָכדעם זייט ער“, זרעים, לז/בּ,
קעניגסבּערג 1861.

□ א, דעם פּעלץ = (מיט ביטול) א) בּײַטן
מיינונג, אײַנשטעל. טענה בּײַ אַ קאָנפֿליקט;
בּ) בּײַטן דעם גלויבּן, זיך שמדן. □ א, די שטובּ
קאַפּויער = אַרײַנבּרענגען גרויס אומאָרדענונג,
אָנמאַכן אַ הקדש. ,,אַלע קינדער פֿרײַ פֿון חדר,
...
קערן אום די שטובּ קאַפּויער,,, דער יודישער
פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

2. איבּערקערן. איבּערדרייען פֿון אויבּן אויף
אונטן און פֿאַרקערט. ,,אויך זאָל מן קיין ספֿר
לעגן אויף דאשׂ אַנדר בּפֿרט אויף איין חומש,
אונ זאָל זיא ניט אום קערין אויף דיא אונרעכט
זײַט,,, בּראַנט. ,,ער קערט [די שיס □] אום אויף

דשׂ מויל,,, סהמ, מלכים בּ, כא, 13. תּי: ,,ווי מע ווישט אויס אַ שיסל, אויסגעווישט און אומגעקעדט אויף איר פּנים,,. ,,מוז אום קערן וויפֿל מאָל אויבּ עשׂ נײַא איז אָדר אובּ עז אַלט איז,,,

□בּ [ייִבּל □].

3. אומדרייען אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. ,,דער שיפֿער קערט אום די שיף און הייבּט אָן געשווינד צו אַנטלויפֿן“, טעיאַטאָר. □א, דאָס האַרץ = פֿון שלעכט ווערן גוט; ווערן פֿרײַנדלעך, זיך פֿאָדשטיין. מלל פֿאַרטײַטשט 'הסבּות את לבּם, (מלכיס א, יח, 37): ,,אום גיקערט זייער האַרץ“ [תּי: ,,קערסטו אָפּ□]. ,,זי וועט א, דאָס האַרץ פֿון די קינדער צו זייערע עלטערן,,, ממוס, 'בּישיבָה של מטה'. ,,און ער וועט א, דאָס האַרץ פֿון עלטערן צו קינדער און דאָס האַרץ פֿון קינדער צו זייערע עלטערן,,, תּי, מלאכי, ג,

24. [אויך מיטן בּ5.] 4. דרייען אויף צוריק. א, אַ ראָד. ,,דר גאָט פֿון חזקיה האָט דשׂ גלגל פֿון דר זוו אום גיקערט,,, סהמ, מלכים בּ. ,,אַ מלך אַ חכם צעטרײַבּט הולטײַעס און קערט אויף זיי אום דאָס ראָד,,, מס, משלי תּקע,,ד, כ, 26.

5. אומדרייען, צוקערן, צווּוענדן. ,,איטלעכער

זאָל א, זײַן פּנים צו דער ספֿר־תּורה, פֿון כּבֿוד דער ספֿר־תּורה װעגן,,, לט2, נה/ב. ,,ער קערט אום צו מיר דאָס פּנים זײַנס. אַך, װי שרעקלעך ער האָט אױסגעזען דענסטמאָל,,, ממוס, ,אַ גרױע האָר'. 6. בּרענגען צוריק צום פֿריִערדיקן אָרט. ,,קער אום מיך, מײַן גאָט, צו פֿאַרלאָזענער היים", אָשר שװאַרצמאַן.

7. צוריקגעבּן, אָפּגעבּן (געלט װאָס מע קומט אָדער מע האָט געפֿונען). צוריקבּרענגען. בּאַצאָלן. א, אַ הלװאה, אַ פּקדון, אַן אַבֿידה. ,,זאָל מען אונדז טאַקע בּאַלד א, גאָר אַ גרױסע סומע געלט", ממוס, טאַקסע. "דאָס געלט איז אַװדאי פֿון אים אַרױסגעפֿאַלן, דערום מוז איך דאָס געלט א',,, שבֿילי המלמדים, בּבֿא מציעא, װאַר שע 1865. ,,װען קײן בּושה זאָל ניט זײַן, װאָלטן דאָס רובֿ לײַט...ניט אומגעקערט קײן אַבֿידה", חה, 139. "א, װעט ער אונדז א, אַלדאָס שלעכטס װאָס מיר האָבּן אים געטאָן,,, תּי, בּראשית, נ, 15. ,,גאָט האָט קינס צער פֿאַרנומען...און אים זײַן שאָטן אומגעקערט", הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט. ,,טאָמער װעט זיו אױסגעבּן אַ סעזאָן װאָס װעט א, דעם פֿאַרלוסט,,, שע, כּתרילעװוקער פּראָגרעס. ,,דאָס זײַנען די גוטע מעשׂים װאָס ער טוט כּדי אומצוקערן דעם חלק [נשמ▯] צום

= מקור און שורש,,, תּניא, 158. א, די נשמה שטאַרבן. ,,מען עסט די חלוקה, מע דאַוונט און לערנט ביז סע קומט די צײַט — קערט מען אום די נשמה דעם רבונו־של־עולם", ממו ,בישיבה של מטה,.

8. פֿאַרגיטיקן. ,,דער ערגסטער איז דער וואָס גנבֿעט די דעה פֿון לײַטן. אַנדערע גניבֿות קאָן ער א,, און דאָס קען ער ניט א,", לט2, צ/ב.

9. ברענגען צום פֿריִערדיקן מצבֿ. א, די יונגע יאָרן. ,,האָט רבי חנינא געזאָגט...ווען די תּורה זאָל חס ושלום פֿאַרגעסן ווערן פֿון ישׂראל וועל איך זי מיט מײַן פּלפּול (שאַרפֿן זין) א' , דרכי עולס, ווילנע 1866. ,,איצט מעגן מיר א, די פֿריִערדיקע צײַט און אויסיִידישן אַפּיקורסים", קמ, 7 No ,1870. ,,האָט דער מלך געזאָגט: לאָז מען אים [דעם כּוח] א',,, נחבֿ, 'מעשׂה מחכם'. ,,דער עולם האָט אומגעקערט ווידער די אַלטע מנהגים", פֿרןג II, נ,,י 1910.

1O. איבערבײַטן, פֿאַרוואַנדלען. בטל מאַכן. ,,גאָט ברוך הוא וועט נאָך די קללות צו ברכות א',,, יד, אבֿן נגף. ,,[גאָטס] גזירה בלײַבט שטיין ...און קיינער קאָן ניט מאַכן א, זײַן דין", חה, 316. ,,ווען דו דײַן צאָרין טושׂט אום ווענדין

און אום קערין, אַזוי ווערט דיך איטלכר ליבּ און,
האָלד האבּן גערין", עיו , מח/ב. 11.
צוריקרופֿן. „דער גענעראַל קערט אום זײַן אַדיוטאַנט„,
ש. בּרעגמאַן, דןדך קריג און דעוואָלוציע I,
אַדעס 1931. 12. חרובֿ מאַכן. אומבּרענגען.
אַרכ. „וויא די שטעט דיא גוט אום
גיקערט הוט דאשׂ מיינט סדום ועמורה...",
מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602,
כ, 16. „דא שפּראַך גאָט צו אַבֿרהם איר

אומקערן זיך

גשרייא האבּ איך גיהורט, איך וויל סדום און,
עמורה אום קערן„, טח, בּראשית יח, 20.
„דער דריט וואַר דער (מלאך) (גבֿריאל) צו
אום קערין די שטאַט (סדום און, עמורה)„,
צאינה. „די רשעים — הקבּ„ה קירט זיא אום
און, זיא זײַן ניט דא", סהמ, משלי, יבּ, 7.
אומקערן — אוטוו. קער אום, ~געקערט. אַרכ.
זן. צוריקקערן זיך. „און, דא זיא [= די מויז]
וואָלט אום קערן ווידר, דא פֿל דיא אייזין טיר
נידר", ספֿר משלים, פּפֿדמ 1686.
אומקערן זיך — אוטוו. קער זיך אום, זיך
~געקערט. 1. גיין, קומעו אע צוריק צום

פֿריִערדיקן אָרט. „און, איז מיין אַך אַז דו גיהערשׂט האשׂט אַז איך בּין שון צו צנאם [=צנײַם] גיוועזן און, האָבּ מיך מוזן אום קערן„, פּראָגבּ, 47. “דערנאָך האָט זיך אויפֿגעכאַפּס אַ שטורעמווינט, האָבּן זיי געזאָגט: לאָמיר זיך א, אַהיים„, נחבּ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'. „ער האָט זיך פֿון דער נסיעה אומגעקערט...שוואַו און צעבּראָכן“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „דאָס זענען געווען אַ גרופּע חסידים וואָס האָבּן זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פֿון פּשיסכע, פֿון דעם אָרט פֿון זייער רבּין„, אַש, תּהילים־ייִד. „דער מענטש קומט פֿון דער ערד און ווען ער שטאַרבּט קערט ער זיך אום צו דער ערד„.

2. קומען צוריק צו מענטשן. א, זיך צו טאַטע־מאַמען, צו ווײַבּ און קינדער פֿיג אויך:

.

מאַכן שלום מיט זיי. „אַז איינער פֿון אונדז... גייט צו זיי...קערט ער זיך אום ווידער צו אונדז“, חה. „אונדזער בּנימין האָט זיך אומגעקערט טאַקע צוריק...בּאַהאַרצט ווי אַ גיבּור“, ממוס, מסעות. „אַ בּושל...אויסגערײַזט אַ סך און זיך אומגעקערט נאָר־וואָס צו זײַן אַלטן בּעלהבּית“, יהואָש, 'פֿרילינג,. ▯ זיך א, צו גאָט = תּשובֿה טאָן. „אָבּער אַקייגן אַז זיי קערן זיו צו

גאָט צוריק, כלעבן אַזוי גיך, אַזוי געשווינד ווי אַן אויגנבליק, הערט גאָט צו זייער געשריי און קערט זיך אום צו זיי", טעיאַטאָר.
3. קומען צוריק צום פֿריִערדיקן צײַטפּונקט אָדער מצבֿ. „גיי און קער זיך אום צו דײַן פֿאָריקן אָרעמען שטאַנד", [אמ], הנסיון, ווילנע 1856. „מוז מען זיך א, צוריק מיט אַ יאָר, ווען עס איז געווען די לעצטע מלחמה„, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „אומגעקערט זיך האָט איר יוגנט„, יהואָש, 'זון פֿון אָוונטשטערן'. „וואָלט זיך די וועלט אומגעקערט צו איר מקור„, תּניא, 336. „אויף אַזוי פֿיל האָט ער אָנגעהויבן קומען צו זיך, אַז איינציקווײַז האָבן זיך אומגעקערט צו איר כּמעט אַלע זײַנע חושים„, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
4. קומען צוריק צו אַ פֿריִערדיקן ענין, טעמע, פֿריִערדיקע אינטערעסן. זיך א, צו אונדזער טענה. „לאָמיר אַוועקוואַרפֿן די זאָנטיקעס און זיך א'... צו אונדזערע ייִדן„, שנ[, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „באַטראַכט זיך, ד, מענדעלע! קערט זיך אום צו אײַערע ספֿרים„, ממוס, שטורעמצײַט. „האָב איך מיך אומגעקערט צו מײַן ווערטל וואָס אַמאָל„, ממוס, שלמה. „עס העלפֿט ניט קיין חכמות, און מיר מוזן זיך א, צוריק צום אַלטן פּסוק",

שע, טבֿיה.

5. אויסדרייען זיך אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, אין אַ זײַט. זיו א, מיטן פּנים צו דער

אומקערעווען

וואַנט. ,,ווען מיר לויפֿן זיי נאָך זיי צו פֿאַנגען, אַזוי קערן זיי זיך אום און זעען אונדז אָן מיט זייערע אויגן,,, איבֿז תּרגוס שני, יאַסי 1843. ,,די שיף...איז נאָענט געקומען צו דעם פּאַלאַץ. האָט זי אָנגעהויבֿן זיך אומצוקערן. האָט דער מלך געשיקט און מ'האָט זי אומגעקערט קריק,,, נחבֿ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'. ,,...קערן זיי זיך אום אַהינטער און צעשפּרייטן זיך,,, קה. *א, זיך מיטן רוקן (צו עפּעס אָדער צו עמעצן) = א) אָפּקערן זיך, ניט וועלן האָבֿן קיין מגע ומשׂא; בֿ) אויסדריקן בּיטול אָדער בּרוגז. ,,אַפֿילו ווען די בּאַרימטהייטן האָבֿן זיך שוין לאַנג אומגעקערט מיטן רוקן צו אונדז און קיינמאָל מיט יידן זיך נישט אָנגעקערט,,, ינ, טמז, 12 ▯ 1964 II.

6. איבֿערדרייען זיך אויף דער פֿאַרקערטער זײַט. ,,איך וואַרף מיך, קער מיך אום אויף דער אַנדערער זײַט“, ממוס, ספֿך הבּהמות. ,,אָט־אָט... קערט זיך דאָס שיפֿל אום און ער פֿאַלט אַרײַן

אין די טיפֿע אָפּגרונטן“, ממוס, מסעות. „אַזוי קיארט זיך דער...[פֿוילער] מן הין און, הער אום ...און, וויל ניט אויף שטיין“, סהמ, משלי, כו, 14. „דער שטיין האָט אין זיך געהאַט די סגולה...דאָס ווי ער פֿלעגט נאָר דערהערן דעם האָן קרייען צוועלף בײַנאַכט פֿלעגט ער זיך דרײַ מאָל א',,, אמד, אַלטע אידישע זאגען, ווילנע 1876. *דער מוח קערט זיך (מיר, אים...) אום = שטאַרק פֿאַרזאָרגט, פֿאַרדאגהט.

7. זיך ווענדן מיט רייד. „אַצינד קער איך מיר אום צו די מחותּנים: מורי ורבּותי, איך וויל אײַך זאָגן...,,, אבּג, דעקטנך, וואַרשע 1876. „איך האָבּ זיך אויפֿגעשטעלט געשווינד אויף די פֿיס, מיך אומגעקערט...צו דער קליאַטשע און איר געזאָגט אַ גאַנץ שיינע דרשה“, ממום, קליאַטשע.

8. איבּערהזרן (זיך). „אוי, זאָל שוין זיך מער ניט א, דאָס וואָס עס איז געשען,,, ממוס, קליאַטשע. „און, ווען איינר איין זעלכי עבֿירה גיטאן העט, דא העט גירעט צווישן בּרוך שאמר און צווישן (ישתּבּח), זוא האָט ער מוזן זיך אום קערן,,, לט1. „דאָס ערדיקע וועט זיו א'...ווי ס'איז געווען,,, מס, קהלת, תּקע,,ן, בּ, 7. 9. זיך אָפּקערן פֿון אַ פֿרִיערדיקן וועג אין לעבּן; חרטה

האָבּן; תּשובֿה טאָן. „ווערט נאָר יודל גוט און פֿרום, טראַכט ער, קערט ער בּאַלד זיך אום“, ממוט, יודל. ← בּ2. „די ווערטער שובֿה און תּשובֿה [דריקן אויס] דעם זעלבּיקן בּאַגריף... שובֿה איז דער טײַטש קער זיך אום; און תּשובֿה האָט אויך די זעלבּיקע מיינונג — זיך א, פֿון שלעכטן וועג אויפֿן גוטן וועג“, פֿאָר, 5 X 1962.

„ער האָט זיי געמוסרט, און זיי האָבּן זיך ניט אומגעקערט פֿון זייערע זינד„, תּניא, פּבּ.

1O. פֿאַרוואַנדלט ווערן. א, זיך אין שטויבּ.

פֿון דעם וויגן קערט זיך אום די מילך וואָס

„

בּײַ דעם קינד אין בּויך און ווערט זויער„, מלכּה בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836.

־עכץ. ־עניש.

אומקערעווען — טרוו. ־רעווע אום, ~ געקערעוועט. דזוו אומקירעווען ←.

אומקערפּערדיק — אַדי. וואָס איז אָן קערפּער; וואָס איז ניט ווי קערפּער. א'ער חלל. ־יקייט.

אומקערפּערלעך — אַדי. דזוו

אומקערפּערדיק. אויך: אוממאַטעריעל, רוחניותדיק. א'ע
ליבע. א'ע פֿאָרשטעלונגען. „דאָס איז דינער פֿאַר
אַ באַוועגונג, דאָס איז א'“, מוק, טעאַטער און
ייִדיש טעאַטער ־קייט — „די אַבסאָלוטע א,

פֿון גאָט, כ'באַטאָן א', ניט צו פֿאַרטוישן מיט
אוממאַטעריעלישקייט“, ליבמאַן הערש, 1944.
אומקפּדנותדיק — [...קאַפּדאָ'נעס...] אַדי.
וואָס איז אָן רוגזא, אָן איבערגעאײַלטן כּעס.
קריטיקירן, אויסריידן, אָבער א'. ־יקייט.
אומקפּדניש — [...קאַפּדאָניש] אַדי. וואָס איז
ניט ווי בײַ אַ קפּדן. ענטפֿערן רואיק, א',
געלאַסן. א, געדולד ־קייט.

.

-

אומקצביש — [...קאַצאָוויש] אַדי. וואָס איז ניט
ווי בײַ אַ קצבֿ. איידל, א, ריידו צו די
ייִדענעס.
אומקראַכן — אוטוו. קראַך אום, ~געקראַכט.
אַ לענגערע צײַט קלאַפּן, קנאַלן עס זאָלן זיך

באַקומען הילכיקע פֿאַרטויבנדיקע קלאַנגען. עס
,
קראַכן אום האַרמאַטן־שאָסן.
אומקראַנט — אַדי. דזוו אומקוראַנט ←.
אויך: אומראַיעל, אומזיכער, אומפֿאַרלאָזלעך,
ניט־חשובֿ. א'ע סחורה. א'ע לײַט.
אומקראַנצן — טרוו. קראַנץ אום, ~געקראַנצט.
אַרומנעמען, אַרומרינגלען מיט קרענץ. א, די
קעפּ. א, דעם טויער.

-

אומקראַסט — די, ־ן. [מצ אויך: ~קרעפֿטן,
נר]. 1. דאָס בלײַבן אָן קראַפֿט; אימפּאָטענץ.
די א, פֿון כּוח צו פֿאַרבעסערן די וועלט.
2. שלעכטער כּוח. די א'ן וואָס אַנטפּלעקן זיך
בעת אַ מלחמה. „אין דער איצטיקער מלחמה
ווירקן קרעפֿטן און, אויב מ'מעג זיו אַזוי
אויסדריקן „אומקרעפֿטן„, אויף וועלכע מיר זײַנען
נאָך ווײַט ניט קיין מבֿינים“, גרינ, מענטשן און
ווערטן, נ"י 1953.
אומקראַצן — טרוו. קראַץ אום, ~געקראַצט.
1. אַ לענגערע צײַט קראַצן, שאָבן, רײַבן. א,
דאָס לײַב. מיט ז י ך — רעפֿל. *אָפּטאָן אַ

נאַרישקייט און דערנאָך א, זיך = חרטה האָבן, באַדויערן. 2. אַרומקראַצן. א, דאָס צוגעברענטע. 3. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס פּאַמעלעך. מיט ז י ך. א, זיך בײַ אַן אַרבעט.
־עכ ן. ־עניש.

אומקראַקען — אוטוו. ־קע אום, ~געקראַקעט.
1. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען קראַקראַ (ווען אָדער ווי ראָבן). 2. רעדן אומצופֿרידן, מיט ניט קיין אָנגענעמען קול. א, ווי אַן אַלטער תּרח ־עניש.

.

אומקרבן — [...קאָרבן] דער, ־ות [קאָרבאָ'נעס].
1. קרבן וואָס האָט זיך ניט געלוינט, איז ניט אָנגענומען געוואָרן. אַן אומזיסטער קרבן, אַן א'.
2. קרבן וואָס רופֿט אַרויס אַ נעגאַטיווע באַציאונג. דער שרעקלעכער א, צום מולך.

אומקרוֹביש — [...קרויוויש] אַדי. 1. אומפֿרײַנטלעך. וואָס איז ניט ווי עס איז (עס דאַרף זײַן) צווישן קרובֿים. א'ע באַציאונגען צווישן לײַבלעכע ברידער. 2. וואָס איז אָן אַ נאָענטער פֿאַרבינדונג. א'ע דערשײַנונגען. „וואָס מער א'ע שפּראַכן מע קען, אַלץ ברייטער ווערט דער

אומקרײַז

לינגוויסטישער האָריזאָנט", יאַ, ייִשפּ XIII, 1.
־קייט.
אומקרובֿישאַפֿט — [...קרויוועשאַפֿט] די
(דאָס), ־ן. אַקט, דערשײַנונג פֿון זײַן
אומקרובֿיש. אַן א, אין (צו) דער אייגענער משפּחה.
א, פֿון באַגריפֿן.
אומקרויזן — טרוו. קרויז אום, ~געקרויזט.
פֿונדאָסנײַ, ווידער אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן
קרויזן, גרײַזלען די האָר פֿון קאָפּ. א, די האָר.
א, די פֿריזור.
אומקרויט — דער (דאַס), ־ן. 1. ווילדגראָז,
שעדלעכער, אומנוציקער גראָז־געוויקס. „געפֿינט
זיך דער קאָרן...אין אַ תּמידיקער סכּנה
צעשעדיקט צו ווערן פֿון זײַנע פֿילע פֿײַנד, די א'־
געוויקסן נעמען צו בײַ אים פּלאַץ, שפּײַז און
ליכט„, ד. האָכבערג איבּז, שמײַל, געוויקסן.
„אַרום אָפּטריט האָט דאָס א, און די שטעכלקעס
דערגרייכט שיִער נישט ביז צום דעכל", באַש,
פֿאָר, 2 .18 1959 ם I. דאָס פּסולתדיקע,
אומריינע פֿאַרדאָרבענע. „דאז און קרויט פֿון זײַנם
,
גאָרטן אויז רוימן וויא מן אויף טײַטש שפּריבּט:
השי„ת ריכט, ווענשׂ נימנט דיכט", צוכט. "דעם

א, ווילן מיר אויסרײַסן מיט די וואָרצלען...און
זייען ריינע מענטשלעכע אידייען, רייך־
מענטשלעכע געפֿילן און וויסן,,, פּרץ, 'וואָס ווילן מיר'.
אומקריגן זיך — קזוו. קריג זיך אום, זיך
~געקריגט. אַ לענגערע צײַט פֿירן צווישן זיך
אַ מחלוקת. א, זיך און אַרומרײַסן זיך איבער
יעדער נאַרישקייט. שוועגערינס קריגן זיך אום.
־עניש. ־ערײַ.
אומקריגעריש — אַדי. ניט־קריגעריש.
ניטבאַפֿאַלעריש, ניט־אָנגרײַפֿעריש. אַן א, פֿאָלק. א,
זיך דערווײַטערן פֿון מחלוקתן ־קייט.
.
אומקריטיש — אַדי. וואָס איז אָן אַ קריטישער
באַציאונג. ניט איבערקלערנדיק. לייענען ביכער
א'. ,,גיט די קינדער א'ע שילדערונגען פֿון
פּאָליטישע פּאַסירונגען,,, ווינטש II י, נ,,י 1927. ,,וועט
מען מין דער צײַט אויס אַן א'ער סומירונג
געוואָר ווערן“, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 1. ,,די רעצענזיעס
...זײַנען א'ע לויבווערטער“, יעקבֿ שאַצקי, ייִבל
יX. ־קייט — ,,ליבע מוז אַמאָל צוזינדיקן
מיט א,,,, ש. ביקל, טמז, 1 1962 II.
אומקרײַז — דער, ־ן. 1. קרײַזליניע,
פּערימעטער פֿון אַ קרײַז. דער א, פֿון אַ בוים. ,,דער

אום קרייס פֿון דער שטאַט [ירושלי] איז
פֿופֿציג ריס,,, אַלכּסנדר ענדר עטהויזן, בּית י Iראל
ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. ,,א, פֿון
בּרוסטקאַסטן,,, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 2 .1929. סבֿיבֿה.
,,זאָל עס טאָן אויף זײַן שטייגער און אין זײַן
א'", שטריגלער.
3. אַקט פֿון אומקרײַזן פֿון בּאַוועגן זיך

,

אַרום און אַרום. ,,אין די מיטאָלאָגיעס ווערט
אָט דער א, אויסגעטײַטשט ווי אַ שטאַרבּן און
אויפֿשטיין תּחית־המתים פֿאַר געוויסע כּוחות
אין דער נאַטור", א. גאָרדין פֿאַש, 9 1953 X.

,

4. דזוו קרײַז. ,,דער קולטורעלער האָריזאָנט
פֿון יעדן מאַסנמענטש...לאָזט אים נאָר אַן א,
פֿון אַ פֿוס דרײַ אַרום זיך,,, זשיט II, נ,,י 1912.
5. אומוועג. נר. ,,פֿון גאָט איז גוועזין דער
אום קרײַז אונ דשׂ פֿירן,,, בּן המלך והנזיר,
איבּז, זשאָלקעוו 1771. ,,מע זאָל מאַכן אַן א,

אומקרײַזבּאַר

און אַריבּערגיין דעם טײַך לינקס פֿון דער
חרובֿער מיל", פּערלאָוו פֿאַר, 22 1963 I.

,

אומקרײַזבאַר — אַדי. נר. מאַרק ווב. וואָס מע קען אַרום דעם מאַכן אַן אומקרײַז.

אומקרײַזונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומקרײַזן. אַ פּינקטלעכע א'. א, פֿון פּלאַנעטן. „איר זולט ציהן אײַערן ווילן נאָך אירר [= זייערע] אום קרײַסונג“, יוסיפֿון, אַמשט 1□□1.

אומקרײַזיק — אַדי. 1. וואָס איז ווי אַן אומקרײַז. א'ע ליניע. 2. [מיט אַן אַקצענט אויך אויפֿן צווייטן טראַף] וואָס האָט ניט די פֿאָרעם פֿון אַ קרײַז. א'ע פֿיגור.

אומקרײַזלען — טרוו. ־זל אום, ~געקרײַזלט. דזוו אומקרויזן, אומגרײַזלען. ־עניש.

אומקרײַזן — קרײַז אום, ~געקרײַזט. טרוו — 1. אַרומצייכענען מיט אַ קרײַז־ליניע. 2. אומרינגלען, אַרומרינגלען. אין בּרכּת המזון (הגדה של פּסח) נט/2, אַמשט 1723, ווערט פֿאַרטײַטשט 'סבּוני גם סבָבוני בּשם ה, כּי אמילם, (תּהלים, קיח, 11): „זיא האבּן אומרינגלט מיך אונ, אויך אום גקרייסט מיך, מיט דעם נאַמען גאָטשׂ וויל איך פֿר שנײַדן זיא“.

אוטוו — זיך בּאַוועגן אין אַ קרײַז־ליניע. די אויסשפּיר־עראָפּלאַנען קרײַזן אום איבער

דער געגנט. די רויבפֿייגל קרײַזן אום איבער זייער קרבן. ־עניש.
אומקרייטיק — אַדי. 1. קראַנק, ניט־געזונט. מג פֿון אַ גבֿירישן הויז האָט מען ייַבלעך ,,
געטראָגן דעם שטודענט וואָס איז א, געוואָרן“, קלמן הײַזלער, קומאַרנער נעבעך. ,,די לופֿט איז א, און די נויט גרעפּצט,,, נאַד. א, וו ע ר ן = ווערן קראַנק, קריגן אַ מיחוש, ווערן קערפּערלעך געשעדיקט. 2. זייער שמוציק. סטוטש.
אומקרײַטעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). שלעכט קרײַטעכץ. דזוו אומקרויט ←. ,,די רויטע
בלו מען פֿון מאָן זײַנען באמת אַ צירונג פֿאַר די פֿעלדער, אָבער דער לאַנדסמאַן קוקט אויף זיי ווי אויף א', ווײַל זיי נעמען צו נערונג און זון פֿון די...געהאָדעוועטע געוויקסן,,, ד. האַכבערג איבז, שמײַל, געוויקסן.
אומקרייען — אוטוו. קריי אום, ~געקרייט. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען (וועגן אָדער וו אַ האָן). ,,די הענער קרייען אום ווי פֿאַר אַ רעגן“. ־עניש.
אומקריכן — אוטוו. קריך אום, ב י ן ~ געקראָכן [ה אָ ב אין טייל לר, אויך טייל אוקר].

1. אַ לענגערע צײַט קריכן, זיך באַוועגן מיט
הענט און פֿיס אָדער מיט מוסקלען פֿון קערפּער
(וועגן שלענג אע). א, אין אַלע ווינקעלעך. א,
אויף אַלע פֿיר, ווי אַ הונט. א, ווי אַ לויז. „די
פֿאַרפֿל...קריכן אום איינער איבער די אַנדערע
ווי לעבעדיקע“, אמד, די גײַסטער געשיכטען,
ווילנע 1871. „[די שלאַנג] איז פֿאַרשאָלטן שוין
לאַנג און קריכט אויפֿן בויך אום אָן פֿיס“,
אַל 2 .II. זיך וואַלגערן. זיך אַרומשלעפּן. א,
איבער שענקען. “צי דען בין איך ניט
אומגעקראָכן אויף די פֿראָנטן ווײַטע, ברודער, חבֿר?“,
ש. דריז, ליכטיקע וואָר, קיִעוו l930.
3. זיך פֿאַרשפּרייטן, צעוואַקסן זיך,

אויס660

ציִענדיק זיך איבער אַנדערע טיילן פֿון דער
פֿלאַך. „אַן עסיקע צרעת איז אומגעקראָכן אין
אײַער פֿלייש און ביינער“, יהואָש, ,אַ מאָטיוו'.
4. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס פּאַמעלעך;
פֿאַר אַרײַנמישן זיך אין פֿרעמדע עסקים. פֿאַר
— -
חנפֿענען, אינטריגירן אאַ ־עניש.

אומקריכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס קריכט אום. אויך: ווער עס טוט עפּעס
פֿאַמעלעך; חונף; אינטריגאַנט. ־ערײַ.
אומקריסט — דער, ־ן. ניט־גלייביקער פֿון
שטאַנדפּונקט פֿון קריסטן. בעיקר דער ייִד.
או'מקריסטאַליזי'רט — אַדי. 1. פֿאַר
אומקריסטאַליזירן ←. 2. וואָס האָט ניט אָנגענומען
קיין פֿאָרעם פֿון קריסטאַלן. א'ע זאַלצן. ־קייט.
אומקריסטאַליזירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס
מע קען ניט קריסטאַליזירן. א'ע מישונג. ־קייט.
אומקריסטאַליזירן — טרוו. ־זיר אום, ~
קריסטאַליזירט. צעלאָזן קריסטאַלן און
אויסקריסטאַליזירן פֿונדאָסנײַ. א, די צעלאָזענע
קריסטאַלן.
אומקריסטלעך — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי
עס איז (עס דאַרף זײַן) בײַ אַ קריסט. א'ע
אַכזריות ־קייט.

.

אומקריצן — קריץ אום, ~געקריצט. טרוו —
איבערקריצן. א, אַ פּאָר אותיות אויפֿן דעקל פֿון
זייגער. אוטוו — קריצן אַ לענגערע צײַט. א,
מיט די ציין בעתן שלאָף. ־עניש.
אומקרעכצן — אוטוו. קרעכץ אום, ~
געקרעכצט. פּפֿ: ~קרעכצען. אַ לענגערע צײַט

קרעכצן. א, ווי אַ חולה־מסוכּן. ־עניש.
אומקרעמעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי עס
איז (עס דאַרף זײַן) בײַ אַ קרעמער. א'ע
בּרייטקייט. ־.קייט.
אומקרענקען — אוטוו. קרענק אום, ~
געקרענקט. זײַן קראַנק אַ לענגערע צײַט. א, און
זיך ניט היילן. א, ווי אַן אַלטע באַבּע. ־עניש.
אומקרעפּטיק — אַדי. שוואַך, שלאַבּעריק.
אימפּאָטענט. „און, ער ווארד מיד און, ער ווארד
שוואַך און, ער פּיל צו דער ערד און קרעפּטיג“,
יוסיפּון, אַמשט 1661. „די זונשטראַלן ווי הייס
זיי זאָלן לײַכטן, זײַנען א, די שטענדיקע
בּלאָטעס אויסצוטריקענען“, ל. לעוויץ, רפאל דעם
שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. “עשׂ איז דעם
אונקרעפּטגן (אַדר דער ניקשׂ אינשטאנד איז)
בּעשׂר אלשׂ דיא גדולט“, ספּר מבֿחר הפּנינים,
הומבּורג תּצ„ט. ־יקייט.
אומקרעפּטיקן — טרוו. ־יק אום, ~
געקרעפּטיקט. 1 פּאַרפּעסטיקן פּון אַלע זײַטן;
אײַנמאָ.
צעווען; שטאַרקער צובּינדן אע. א, אַ בּריקל מיט
נאָך קלעצער. א אַ קרומע און אַל־ע וואַנט.
,
2. קרעפּטיקן, פּעסטיקן פּונדאָסנײַ, אויף אַ

ניַעם אופֿן. אַוועקנעמען די בעלקעס און א,
מיט איַזערנע שטאַבעס. ־דנג.
אומקשהדיק — [...קאָשע...] אַדי. ניט־קשה,
ניט־האַרב. נאָך אַנאַליזירן ווערט דער ענין א'.
אומר — [אוימער] דער. מצ נב. אָנהייב־וואָרט
פֿון אַ ליד צו לערנען לשון־קודש. יעדער פֿערז
הייבט זיך אָן מיט אַ לשון־קודש וואָרט און
ווערט פֿאַרטיַטשט אויף יִדיש. „א, איז אַ זאָגער,
שואל איז אַ פֿראָגער„.

אומראָיען

אומראַבירן — טרוו. ־ביר אום, ~(גע)ראַבירט.
אויך: ~ראַבעווען. רויבן אַ לענגערע ציַט,
אין פֿאַרשיידענע ערטער. אַ באַנדע גזלנים האָבן
אומגעראַבירט אין די דערפֿער.
~געראַבליע(ווע)ט. פּפֿ: ~גראַ□ע) אדם,
אומראַבליע(ווע)ן
יעווען.
— טרוו. ־ליע

אומשאַרן מיט אַ גראַבליע. א, היי אויף דער
לאָנקע.
אומראַדיאָאַקטיוו — אַדי. וואָס גיט ניט

אַרויס קיין שטראַליקע ענערגיע (אין פֿאָרעם
פֿון אַלפֿאַ־, בעטאַ־ אָדער גאַמאַ־שטראַלן). א'ער
עלעמענט. ־קייט.
אומראַדיקאַל — אַדי. ניט־ראַדיקאַל (אָבער
אויך ניט קאָנסערוואַטיוו). אַ מעסיקער, א,
געזעץפּראָיעקט. ▯קייט.
אומראַזירט — אַדי. 1. פֿאַר אומראַזירן ←.
2. ניט־ראַזירט, ניט־געגאָלט. גיין א, ווי אַן אָבֿל.
־ערהייט — אַדוו.
אומראַזירן — טרוו. ־זיר אום, ~(גע)ראַזירט.
1. אַרומגאָלן. א אַרום אַ וואונד אויפֿן קאָפּ.
,
2. איבערגאָלן. א, די אָפּגעגאָלטע ברוסט פֿאַר
אַן אָפּעראַציע.
אומראָט — דער, ־ן. שלעכטע עצה,
פֿאַרפֿירערישער אָנווייַז. אַן א, פֿון אַ נאַר, פֿון אַ שׂונא.
אומראַטזאַם — אַדי. דטשמ. נר. וואָס עס
לוינט זיך ניט; וואָס מע קען ניט ראָטן עס צו
טאָן. אומעצהדיק. „דער פּאָליטישער דרוק וועט
נאָך צווינגען די אַדמיניסטראַציע צו נעמען א'ע
שריט“, טמז, 18 1963 II. ־קייט.
אומראַטיפֿיצירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
באַשטעטיקט אָפֿיציעל (דורך אַ פּאַרלאַמענט אָדער
מיט די געהעריקע אונטערשריפֿטן). א'ע

אָפּמאַכן מיט אויסלאַנד ־קייט.

.

אומראַטירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען
ניט ראַטירן, ראַטעווען. א אַפּילו מיט אַן
אָפּע,
ראַציע ־קייט.

.

אומראַטשקע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־קע(ווע)
זיך אום, זיך ~געראַטשקע(ווע)ט. אַ לענגערע
צײַט קריכן, פּויזען. א, זיך אויף אַלע פֿיר.
אומראַיאָנירט — אַדי. ניט־אײַנגעטיילט אין
באַזונדערע ראַיאָנען. א'ע וואַלן מיט אַ צעטל
קאַנדידאַטן פֿאַרן גאַנצן לאַנד. ־קייט.
אומראַיע'ל — אַדי. אומערלעך.
אומפֿאָרלאָזלעך. אומזיכער. אומעכט. האַנדלען א'. א'ע
סחורה. א'ע נײַסן. "ווי אומזיכער, ווי
אומנאָרמאַל, ווי וואַקלדיק און אָפּט אויך ווי א, עס האָט
געקענט זײַן אָט דער האַנדל", ימ איבז, שד II י,
ב,,א 1953. ־קייט.
אומראָיען — ראָיע אום, ~געראָיעט. טרוו —
אומגראָבן. א, די ערד, די בייטן. אוטוו —
אומנישטערן. א, און ניט געפֿינען. אויך מיט
ז י ך. אומנישטערן. כסדר אַ לענגערע צײַט
זוכן, זיך גראָבן אין עפּעס. א, זיך אין

מיסט(קאַסטן), אין יענעמס עבֿירות. *א, זיך אין מיסט — פֿאַרנעמען זיך מיט נישטיקער אָדער שמוצי— —

קער אַרבעט. א, זיך אין (יענעמס) האַרץ (נשמה) = מישן זיך אינעם צווייטנס שווערע און אינטימע ענינים.

אומראָלן

אומראָלן — טרוו. ראָל אום, ~געראָלט.
1. קאָוונע. אומקײַקלען. א, אַ פּאַק, אַ באַל סחורה. 2. אַרכ. איבערדרייען, איבערקערן.
,,אין דיא שאהל וואו עז ברויאט גוואהגין ווערד, טערף עז מילך ברויאט ניט גוואהגין ווערדן, דען מוז איין אנדרי שאהל דא צו זײַן אודר לכל הפּחות דיא שאהל אום רויללען“, 'רעגלעמענט פֿר דיא שומרים אצל האופים', אַמשט 1800.
אומראָמאַנטיש — אַדי. היפּוך פֿון ראָמאַנטיש פֿארברענגען מיט אַן א'ער מיידל. אַן א'ע . —
תּקופֿה. ־קייט.
אומראָמאַנסירן — אוטוו. ־סיר אום, ~ ראָמאַנסירט. אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ שפּילעוודיקע ליבע (מיט אַ צאָל). פֿלירטעווען. א, מיט אַלע פֿאַרקויפֿערקעס.

אומראַנגלען זיך — קזוו. ־גל זיך אום, זיך
~געראַנגלט. אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ געראַנגל, פֿאַרמעסטן זיך. א, זיך מיט עמעצן און אַוועקלייגן אויף די לאָפּעטקעס. פֿיג. א, זיך מיט אַ שווערער פּראָבלעם. ־עניש.

אומראַס — דער, ־ן. זן. Mhd. un־raste. ווער עס רוט ניט און ראַסט ניט. געוויינלעך וועגן אַן אומרואיק קינד. דזןו אומרו, בּ4 ←. אַן א,, זיצט ניט אײַן אויף אַן אָרט.

אומראַפּאָרטירט — אַדי. וואָס איז געבליבּן אָן אַן אָפֿיציעלן בּאַריכט פֿון אַ נידעריקערן צו אַ העכער־געשטעלטן (אין אַרמיי, אין בּיוראָקראַטיע). א'ער צונויפֿשטויס. פֿרגל ~רעפּאָר טירט.

-

אומראַסינירט — אַדי. ניט־אויסגעאיידלט; רוי. אומקולטיווירט. אומגעהובּלט; פּראָסט. א'ע מאַנירן. א'ע קריטיק. ,,א'ע לײַט,,, נ. זאַלאָוויץ, פֿאָר, 1 1964 X ־קייט.

.

אומד.

ל. 1. ניט־שׂכלדיק. אומלאָגיש. א'ע

מייאַציאָנע'ל — אַדי. אויך: ~
ראַציאָנאַ,
נונגען. 2. ניט־באַקוועם, ניט־צוגעפּאַסט. „א'ע
גומי־הײַזלעך [פֿאַר קליינע קינדער]„, דר, י. איפּ,
פֿגעז, פּאַריז 5 1949, No. 〿א'ע צ אָ ל (מאַט).
מיט אַ מינוס אונטער אַ קוואַדראַט־וואָרצל:
(4 — 〿י). ־קייט — „אונטערשטרײַכנדיק די
א, פֿון די דאָזיקע לעגענדעס, האָט ער געפּרוּווט
דערווײַזן אַז זיי זײַנען בלויז אַלעגאָריעס“, זר,
לעקסיקאָן 〿 I, 495.
אומרביאיש — [...ראַבייאיש] אַדי. וואָס עס
פּאַסט ניט פֿאַר אַ רבין. א'ער פֿיר ־קייט.
.
אומרבניש — [...ראַבאָניש] אַדי. וואָס עס
פּאַסט ניט פֿאַר אַ רבֿ. א'ע מלבושים. א, מישן
זיך אין טעפּל. ־קייט.
אומרבֿותאדיק — [...ריוואו'סע...] אַדי. וואָס
לוינט זיך ניט, וואָס האָט ניט אין זיך קיין מעלה
(לגבי אַן אַנדער זאַך, אַן אַנדער אויסוועג אאַ).
א'ע החלטה. ־יקייט.
אומרגזניש — [...ראַגזאָ'ניש] אַדי. וואָס איז
אָן איבערגעאײַלטן כעס, וואָס איז ניט ווי בײַ אַ
רגזן. מיט א'ן געדולד. ־קייט.

אומרגילות — [...רעגילעס] די (דאָס), ־ן. ניטצוגעוואוינטקייט. אומבאַשטענדיקייט און אומקענטשאַפֿט. אַרויסוווײַזן א'. טאָן עפּעס מיט א'. ־דיק.

661

אומר דבר בשם אומרו — [אוימער דאָוואָר בשעם אָמרוי (אוימרוי)] פֿראָזע. תּל. 'זאָגט אַ זאַך אין נאָמען פֿון זײַן זאָגער,. 1. ווער ס'זאָגט עפּעס און פֿאַררופֿט זיך אויף דעם פֿון וועמען ער האָט עס געהערט אָדער בײַ וועמען ער האָט עס געלערנט אָדער פֿונוואַנען ער האָט עס אויסגעלייענט. ווערט געניצט ווי אַ לויב אַז מע שטעלט זיך ניט אַרויס מיט פֿרעמדע געדאַנקען, מע פּוצט זיך ניט אין פֿרעמדע פֿעדערן, אַז מע פֿאַרפֿירט ניט. < אָבֿות, ו, ט: "כּל האומר דבֿר

בּשם אומרו מבֿיא גאולה לעולם“ — „ווער עס זאָגט אַ זאַך (אַ געדאַנק, אַ דין, אַן אויסטײַטשונג) אין דעם נאָמען פֿון דעם וואָס האָ עס געזאָגט בּרענגט דערלייזונג דער וועלט„. 2. זן. געניצט ווי אַ פֿאַרמינערונג, אָנצוווײַזן אַז מען איז ניט קיין אָריגינעלער דענקער, בּלויז אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר. 3. ווען בּ ש ם ווערט פֿאַרבּיטן מיט כּ ש ם [קעשע'] — אַן אויסדרוק צו בּאַצייכענען אַן אימיטאַטאָר וואָס מאַכט גוט נאָך אַ צווייטנס שטים.

אומרו — די & דער, ־ען. 1. די (זן דער). געמיט־צושטאַנד ווען עס פֿעלט אינעווייניקסטע רואיקייט, געדולדיקייט; אויפֿרודערונג. אַרויסבּרענגען, אַרויסרעדן, אויסגיסן די א'. אויפֿצאַפּלען פֿון א'. „דיא ליבּה אבּר איז זאָ שטערק דשׂ אַלה און רוהי פֿור אורזאַכט קיין לאַשׂט“, מאַרשן, לש ון זהבֿ, אַמשט תּצ“ד. „האָט זי מיט אַן א, אין פּנים געזאָגט„, ווײַס, ,ווי דער גורל פֿירט'. “פּלוצלינג האָט אַן א, שטיל מײַן האַרץ צונויפֿגעדריקט„, דא, שטילע געזאַנגען, 1905. “דער וועלכער איז פֿאַרן וויכער געמאַכט איז תּמיד פֿון א, בּאַפֿליגלט“, יהואַש, ' צווילינגנאַטורן'. „ליגט ניט אין אָט דעם קאַמף פֿון אינעווייניקסטע היפּכים די אורזאַך פֿון דער

יִדישער א'?,,, זשיט II, נ"י 1912. א־בּ ל ו ט.
א'־ ג ל אָ ק. ,,לייוויק[ס]...יִדישע שליחות צו
זײַן דער א'־ג',,, בּ. ריוקין, ה. לייוויק.... א'־
פּ ו נ ק. ,,בּיסטו...אַן א'־פּ, צעגליט",
פֿרידווײַנינגער, אין אָפּקלײַבּ, 1957.

2. ד י. דרויסנדיקער מצבֿ פֿון
אומאָרדענונג. היפּוך פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רו. "דען
זיא האבּין זיך זעלבּשׂט דיא און רוא גישאפֿין,,,
צוכט. ,,נאָך אַל אונזיר אויז גישטאַנדני און רוא
אונ, זאָרג אונ, צרות, אַלזו זענין מיר אין גוטיר
פֿאַרגניגליכקייט פֿאַר הנובֿיר גיקומין,,, גה, 156.

3. אין מצ. טומלענישן, אויפֿשטאַנדן, בּונטן.
א'ען אין די דערפֿער. נײַע א'ען אין לאַנד. די
א'ען קענען נאָך חס־וחלילה פֿירן צו פּאָגראָמען.
א, — און קיינער ווייסט ניט וואָס דער מאָרגן
וועט בּרענגען.

4. ד ע ר & ד י (זן), אָפּהענגיק פֿון
געשלעכט. אומרואיק קינד, אומראַס. אַרומלויפֿער,
טומלקאָפּ. "נעם צו דעם א,, ער מאַטערט דעם
זיידן". אַן א, אַ סמבּטיון. אַן א,, אַ (שטיק)
קוועקזילבּער.

5. ד ע ר. פּאָמפּעדיקל. דין, גלײַך, גרינג ווי
אַן א'. ניט רוען, לויפֿן, זיך וואַרפֿן ווי אַן א'.
,,געבּן דעם ערשטן שטויס ווי דעם א, בּײַ אַ

זייגער,,, ארז, קמ, 30 1867, No. ,,קיינער וועט
אײַך ניט פֿאַרווערן אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון אַ
זייגער האָבן מערניט ווי דעם א, און דעם

ציפֿעראומרואיקייט

בלאַ מיט די ווײַזער[ס],,, זשיט III, נ,,י 1912.
,,דער א, הייבט ווידער אָן צו מאַכן משוגענע
העוויות“, שע, מע יות פֿאַר ייִדישע קינדער I.
,,דער אַלטער וואַנטזייגער...לויפֿט ער מיט זײַן
א', לויפֿט ער מיט איין פֿיסל פֿון אַ הינקעדיקן
אַונטער־שמש: טיק־טאַק, טיק־טאַק — זייער
פֿאַרהאַוועט“, זש, נח פּאַנדרע. ,,ווי אַן א, פֿון אַ
זייגער וואַרפֿט ער זיך אויף אַלע זײַטן“, בעם I
אומר ואוכל — [אוימער וועאויכל] פֿראַזע. 'ער
זאָגט און עסט'. שפּאַסיק. פּאַראַפֿראַזירט פֿון
אומר ועושׂה ←. ב: געזאָגט און געטאָן, ער
לייגט ניט אָפּ אויף שפּעטער, ער נעמט זיך
גלײַך צו עפּעס. ,,ער איז אַן א, וא, — שווײַגט
און רײַבט אויף ביידע באַקן,,, שפּאַסיק פֿוול.
,,איך האָב פֿײַנט אָפּלייגן. בײַ מיר איז א, וא, —
אויפֿגענייט און אויסגעפּרעסט,,, שע, דאָס
גרויסע געווינס. ,,און ווי זאָגט איר — א, וא,. ער

האָט זיך אַ נעם געטאָן פֿריִער צום רבֿ,,, שע,
'מעשׂיות פֿון 1001 נאַכט'. געניצט אויך
שפּאָטיש אָפּצולאַכן פֿון עמעצן וואָס קען ני□ן
באַשליסן בײַ זיך וואָס צו טאָן: ניט קיין אומר
ועושׂה, נאָר אַן א, וא'.
אומרואיק — אַדי. 1. היפּוך פֿון רואיק. וואָס
האָט אין זיך דאָס געפֿיל אָדער דעם מצבֿ פֿון
אומרו (←.). א'ע א ו י ג ן. ,,און עס זאָל ני□
אויפֿגיין אויף מײַן געדאַנקען חס־ושלום ספֿקות
וואָס מאַכן מיך א''', ר, י□ראל ממינסק, אור
עולם, 1865. ,,און גאָט וועט דיר געבן דאָרטן אַן
א, ה אַ ר ץ און אויסגייעניש פֿון אויגן'', תּי,
דבֿרים, כח, 65. א'ע צ ײַ ט. ,,די צײַט איז צו א',
קאַטאַסטראָפֿאַל און אין כּסדרדיקן אומטויש'',
בצג, טמז, 4 I 1964.
2. נערוועז, איבערגעשראָקן. ''זײַן שלאָפֿין
אונ, זײַן עסין איזט גאַר און רואיג גיוועזין,,,
גה, 302. ,,אָבער שמונה־עשׂרה טאָרן זיי דאָרטן
[אויף אַ בוים, אויף אַ שפּיץ מויע□] ניט דאַוונען,
ווײַל תּפֿילה מוז האָבן כּוונה און דאָרטן איז מען
א', קען מען ניט האָבן קיין כּוונה'', משניות,
זרעים, קעניגסבערג, 1861, י/ג. ,,ער האָט
אָנגעהויבן א, צו זיצן אויף זײַן אָרט'', ספּ, סודות.

„די טשערעדע פֿון פֿעלד איז געלאָפֿן א', מיט געשריי און מיט רעווען“, ממוס, מסעות.
3. טרויעריק, פֿאַרדאגהט, פֿאַרזאָרגט, פֿאַרצאָגט. א, איבער (וועגן) עמעצן. עפּעס איז ער צעדרייט, א, און פֿאַרטראַכט“, ממוס, ווינטשפּ.
„ער וואַרפֿט א, אַ בליק און בלײַבט שטיין ווי פֿאַרטראַכט“, ווײַס, אַ שלעכטע פֿרוי'. 4.
לײַדן,

שאַפֿטלעך, היסטעריש. „אירע באַקן זײַנען פֿאַר פֿלאַמט. זי איז זייער א',„ א. ראַבאָי, אייגענע עדך.
5. וואָס בלײַבט ניט אויף אַן אָרט. וואָס האָט וויברירונגען. שטורעמדיק. א'ע באַשעפֿעניש.
א'ע כוואַליעס. א, ווי אַ האָז, ווי אַ מויז. א'ער ים.
אומרואיקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ,
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומרואיק. א,
פֿון געמיט. א, אין קלאַסצימער. „אין דער גאַ־
צער אײַנגעהאַלטענער שטילקייט האָט זיך
אָנגעהויבן צו פֿילן אַן א',„ ווײַס, ,אין דער שטיל'.
„די זאָרג איז פֿאַראַן, און די א, איז בנמצא“,
י. לעשצינסקי,...פּנים פֿון גלות־ייִדנטום, ב„א

.1955

אומרואיקן — טרוו. אומרואיק, געאומרואיקט.
זן. דרייזין. דזוו באַאומרואיקן. „די הערצער
א אַ ביסל, די מוחות כמעט נישט־ווילנדיק,
אוי,
טאָמאַטיש, נעמען ציילן...„, לע, טמז, 1964 ▯ 20.
אומרוגזאדיק — [...רוגזע...] אַדי. וואָס איז
אָן רוגזא, געבייזער. ריידן אין אַן א'ן טאָן.
־יקייט.
אומרודלען — ← אומרודערן, אוטוו.
אומרודער — דער, ־ס. אַקט פֿון אומרודערן.
„האָט זיך אָנגעהויבן די צײַט פֿון דעם גרויסן
א, אין דעם ייִדישן לעבן„, זשיט ▯I, נ"י 1912.
־ונג.
אומרודערן — אוטוו. ־ער אום, ~גערודערט.
1. אַ לענגערע צײַט אַרבעטן מיט די וויאָסלעס,
פֿאָרנדיק מיט אַ שיפֿל. א, איבער דער אָזערע.
2. אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ גערודער, טומלען,
שאַפֿן אומאָרדענונג. א, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. א,
און מאַכן אַז אַלץ זאָל גיין כאַדאָראָ'ם. „די לײַז
רודערן אום און לאָזן ניט לעבן". ־ניש.

אומרודערן זיך — ← דפֿוו. אומפּ. זיך
טומלען, זײַן אין מצבֿ פֿון אויפֿגערודערטקייט, פֿון
(געזעלשאַפֿטלעכער) אומרואיקייט. ,,
מלחמהצײַט, נו — רודערט זיו אום,,, דייד.
אומרודף;־שלומדיק — [...רוידעף־שאָלעמ...]
אַדי. וואָס אין דעם איז ניטאָ דאָס יאָגן זיך נאָך
שלום אָדער גרייטקייט אויף פּשרה. שטימען
קעגן דער שטרענג־פֿאָרמולירטער, א'ער
רעזאָלוציע.
אומרווהדיק — [...רע'וואַכ...] אַדי. אויך:
~ריווהדיק. וואָס איז אָן רווח, ברענגט ניט
אַרײַן קיין רווח, פֿאַרדינסט. אַן א, געשעפֿט.
־יקייט.
אומרוהניותדיק — [...רוכניעס..] אַדי.
ניטרוחניותדיק (אָבער אויך ניט אינגאַנצן
גשמיותדיק). א'ע פֿאַרלאַנגען. ־יקייט.
אומרו אַדע — די, ־ס. נעאָל. דאָס אויסדריקן
,
דעם מצבֿ פֿון שטענדיקער אומרו. ,,ווען אַרט
דײַן גאַנצע א, און דײַן זוכן זין פֿון זאַמד ביזן
'גרויסן בער',,, לע, אַ ייִד אויפֿן ים.
אומרוי'שט — אַדי. נר. באָרוישט; אַנטציקט.

גליק פֿון פֿרייד און אַנטציקן", י. באָוושאָווער,

,,א, פֿונעם הייסן, טויזנטפֿאַכן לעבן, א, פֿון

,

פּאָעטישע ווערק, לאָנדאָן 1903.

אומרוישן — אוטוו. רויש אום, ~גערוישט.

אַ לענגערע צײַט מאַכן אַ גערויש. א, ווי קינדער.

די זאַנגען רוישן אום אין ווינט. ־עניש.

אומרומפּלען — אוטוו. ־פּל אום, ~גערומפּלט.

1. אַ לענגערע צײַט טומלען, קלאַפּן. א, מיט פּויקן. 2. אַרומגיין צו גאַסט (אין אַ שבתדיקן אָדער יום־טובֿדיקן טאָג) פֿון איינעם צום צווייטן. א, און זיך אָנעסן מיט בּאָב.

אומר ועושׂה — [אוימער וועאויסע] פֿראַזע.

< סידור, פֿון שחרית: 'בּרוך שאמר והיה העולם ...בּרוך אומר ועו◌ּה, [בּאַציט זיך אויפֿן בּאַשעפֿער פֿון דער וועלט] ,,ער זאָגט און ער טוט“.

בּ: 1. פּטרט ניט קיין צײַט, לייגט ניט אָפּ אויף שפּעטער; פֿירט דורך וואָס ער זאָגט צו. בּײַ אים איז א, וע', אָפּגעטאָן און אַראָפּ פֿון מאַרק.

גוט איז האָבּן צו טאָן מיט אַן א, וע'. ,,א, וע,

גערעדט און געטאָן, ער איז אַוועק קיין
אַמעריקע אונטער די טײַו מיסזופּע,,, מרדכי מנחס
יודעלעווסקי, מע׳ה פֿון חנעלע, וואַרשע 1884.
,,בײַ אונדזער רבֿין איז א, וע', איינס־צוויי און
פֿאַרטיק,,, לאַט, יודישע קינד. ,,און א, וע':
שוין דאָ מיליטער מיט געוועהר", פּרץ, ,בײַ די
פֿרעש צו גאַסט'. ,,א, וע'! חבֿרה מאַכט אַ
גרויסע פּאַטריאָטיש־שאַרפֿע כוסע,,, ר, מרדכילע,
משלים.
2. איבֿערגעאײַלט, אומבֿאַטראַכט. ,,א, וע',
געזאָגט און געטאָן [ס'רעדט זיך וועגן אַ שידוך],
ניט געפֿרעגט דעם קינדס דעה, זיך ניט
געקימערט איבֿער אירע טרערן", ייִפֿאָל, 23 l885, No.
,,בײַ זיי איז כאַפּ־לאַפּ, א, וע', גענומען און
געפֿאָרן", מ. בֿורשטין.
־דיק — אַדי. וואָס איז גלײַך מקיים, פֿירט
גלײַך דורך אַזוו. ,,זענען אייראָפּעער אין די
מאָדערנע צײַטן געוואָרן...א'־וע'ע קיניסטן ["
קאַייִניסטן,,],,, צײַט, טמז, 23 ׳ 1957 III.
־ניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. ,,ער וועט
עס דורכפֿירן, ער איז אַן א'וע'ניק,,. ← אין
איין א, וע'.
אומרועןן — אוטוו. אומרו, געאומרוט. נעאָל. נר.
טאָן אומרואיק אָדער זײַן אין אַ צושטאַנד פֿון

אומרו. „דער קלײנער מענטש אומרוט נאָך אַ
ביסל מער, גײט שלאָפֿן‟, לע, בײַם פֿוס פֿון
באַרג.
או'מרופֿו'ל — אַדי. נעאָל. וואָס איז
איבערגעפֿולט מיט אומרו. ימ, 1930. אין א'ע מינוטן.
אומרוצהיש — [...ראָצכיש] אַדי. וואָס איז
ניט ווי בײַ אַ רוצח. א, אײַנזעעניש.
י
אומרוקן — טרוו. רוק אום, ~געירוקט. אַ
לענגערע צײַט רוקן, באַוועגן הין און צוריק
אָדער אין אַן אַנדער ריכטונג. א, אַ טיש.
־עניש.
אומרהמנות — [...ראַכמאָנעס] דער (די), ־ן.
דאָס פֿעלן פֿון רחמנות. אַרויסווײַזן א, צו אַ
געפֿאַלענעם. „גאָטס צאָרן און גאָטס א'„, מלך
ראַוויטש, איק, ראָש־השנה תּשכ‟ד.
אומרהמנותדיק — אַדי. וואָס איז אָן רחמנות.
א, רודפֿן עמעצן. אַן א, האַרץ. „ראָזע האָט אויף
איר אַ קוק געטאָן מיט דער גרעסטער
באַדויערונג און א, געזאָגט‟, ספּ, סודות. „אָ לעבן
מײַנס, גלוט און שפּײַז פֿאַר לידער, א'ע און
שאַרפֿע ווי קאַמף„, הל, 'לידער צו אַ ווײַטן
פֿרײַנד'. „[ער] האָט צום באַנדאַזש...געהאַט אַ
געפֿיל ווי צו עפּעס א'ס און לעבעדיקס‟, בערג,

אָרצײַט־ליכט ־יקייט.
י .

או'מריגאָ'ריש — אַדי. (פֿיזיאָלאָגיע)
ניטשטײַף; ניט־פֿאַרגליווערט; בייגעוודיק (ביז אַ
געוויסער מאָס). „נאָר א'ע געוועבן קענען
רעאַגירן אויף אַ סטימול„. —קייט.
אומריגעווען — טרוו. ־געווע אום, ~
געריגעוועט. (שנײַדערײַ) פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל
ריגעווען. א, דעם קאָלנער.
אומריוווהדיק — ← אומרווחדיק.
אומריזיקאַליש — אַדי. וואָס איז אָן ריזיקע,
אָן אײַנשטעלעניש, אָן אַזאַרט. אַן א'ע
אונטערנעמונג. שטעלן כּמו־ריזיקאַליש איין טריט
פֿאָרויס און א, צוויי טריט אויף צוריק ־קייט.
.

אומרײַטן

אומריזיקירט — אַדי. געמאַכט אָן ריזיקע,
אָן אײַנשטעלעניש. ניטאָ קיין א'ע שפּיל. ־קייט.
אומריזען — ← אומגריז(ש)ען.
אומריה — [...רייעך] דער, ־ות [רייכעס].
שלעכטער ריח. דער א, פֿון געפּרעגלעכץ. ־דיק
— אַדי.

אומריטמיש — אַדי. 1. וואָס האָט אין זיך ניט קיין ריטעם, געזעצמעסיקע באַוועגונג. אַן א, זינגען. דאָס א'ע קלאַפּן פֿון דעם קראַנקן האַרץ. 2. וואָס די מעטריק פֿון דעם איז ניט אויסגעהאַלטן. א'ע לידער. ־קייט.

אומריטעם — דער, ־ס. ניט־אויסגעהאַלטענער, איבערגעריסענער ריטעם. „בײַ גוטער גימנאַסטיק טאָר ניט זײַן קיין א, אין די באַוועגונגען„.

אומריטעריש — אַדי. וואָס איז ניט אַזוי ווי מע ריכט זיך פֿון (בײַ) אַ ריטער. א'ע פּחדנות. א'ע באַציאונג צו אַ דאַמע. ־קייט.

אומריטערלעך — אַדי. 1. דזוו אומריטעריש. 2. וואָס האָט ניט קיין שײַכות צו אַ ריטער, צו ריטערס. א'ער עפּאָס. ־קייט.

אומריטשן זיך — אוטוו. ריטש זיך אום, זיך ~געריטשט. זיך רוקן, זיך שאַרן אַהין און אַהער. „,הער אויף זיך א, אויפֿן אײַז, וועסט צערײַסן די הויזן„, רייד.

אומריטשען — אוטוו. ־טשע אום, ~ געריטשעט. אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען הויכע, שאַרפֿע קולות, רעווען. א, ווי אַן אָפּגעפּאַרעטער חזיר. ־עניש.

אומרײַבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומרײַבן. א'ען מיט די הענט, מיט אַ

מאַשין. „צוגעווײנען צו פֿרישע א'ען מיט קאַלטע וואַסער“, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש, די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887.

אומרײַבן — טרוו. רײַב אום, ~גערִיבן. 1. אַ לענגערע צײַט רײַבן, שײַערן. א, אַ פֿאַרקאָפּטשעטע כּלי. 2. אַרומרײַבן; מאַסאַזשירן. א, מיט אַ שמירעכץ. א אַ קראַנקן די פּלייצע. אויך

,

מיט ז י ך — אוטוו. אַרומדרייען זיך. א, זיך אַדום אַ נגיד, אַ קנעפּל ־עכץ ־עניש.

. .

־ער. ־ערײַ.

אומרײַזן — אוטוו. רײַז אום, ~גערײַזט. אַ

'

לענגערע צײַט מאַכן נסיעות, אַרומפֿאָרן פֿון אייו אָרט אין אַן אַנדערן. א, אין אַלע דרום אַזיאַטישע

-

לענדער. א, וואו די וועלט האָט אַן עק. „דא האָט אים זײַן הער גזעצט אום צו רייזן מיט קעמלין גלאדין מיט (סחורות) דורך מצרים אונ, אַשור“, שאַר ־עניש ־ער.

.

אומרייזנדער — דער, ־דע. דטשמ. נר.

אומרײַזער. ווער עס מאַכט (אָפּטע) נסיעות. „אַז איינער פֿון די וועלט־אומרײַזנדע...זאָל וועלן אויף ציקאַוועס אַראָפּפֿאַלן צו מיר קיין זלידניעפּקע“, צ. ה. האָרנשטיין, זלידניעפּקער לעבענדע פֿאָטאָגראַפֿי, באַרדיטשעוו תּרנ„א.
אומרײַטן — אוטוו. רײַט אום, ~געריטן [נאָר אין אַ צאָל פּר: בּ י ן]. 1. פֿאָרן אויף אַ פֿערד אַ לענגערע צײַט אָדער אין (איבע) אַ סך ערטער. א, אויף אַ קליאַטשע. „איך ווייס עס איז שבת־צונאַכט, און אָגרת בּת מחלה [←.] רײַט אום“, אַל I. „דער וועכטער האָט נאָך אויף זײַן פֿערד אומגעריטן„, אפֿא, 'מיר האָבן געשניטן'.

אומרײַך

„איין רײַכר קיניג...אַלי יאָר איין מולט אין זײַנם לאַנד ער אום רײַט“, ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686.

,

2. פֿיג. הערשן, קאָמאַנדעווען; איזדיעקעווען זיך. א, איבער די געפֿאַנגענע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ־עניש. ־ער.
אומרײַך — אַדי. ניט־רײַך (אָבער אויך ניט אָרעם). א'ע געגנט. א'ער שניט. א'ע גערעטעניש. ־קייט.

אומריין — אַדי. 1. פֿיזיש ניט־ריין;
אומציכטיק, שמוציק, קויטיק. א'ע גאַסן. „מע זאָל דאָס א'ע וואַסער ניט אויסגיסן, ביז דאָס ריינע קומט צו פֿליסן“, שוו. ‟שיט קיין און ריין וושׂר ניט אויז, ביז דוא איין בעשׂרשׂ האשׂט פֿאַר אין הויז“, צוכט. „וואָדעם וואו עס איז א, איז אָסור צו זאָגן אַ הייליק וואָרט„, דרך אדם, וואַרשע 1860. „דיא ממונים זולין באַפֿעלין...דז מן קיין מישט ווערפֿט איבר דיא מויאר...הן און ריין וואַשׂיר ומכּ„ש וואז שטינקדיק איז„, תּקק. „זיך אַוועקוואַלגערן עטלעכע יאָר אין דער א'ער, ענגער תּלמוד־תּורה„, ארז, קמ, 1867' No 31. ‟יודל, א', שמוציק איז דײַן לײַב„, ממוס, יודל. „מע זאָל נישט עסן קיין פֿרוכטן אומאָפּגעשיילט ...פֿיל מענטשן באַטאַפּן זיי מיט א'ע הענט„, טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, [לאָדזש, 1910?].
 א'ע נקיות = נקיות גדולות, שטולגאַנג [פּאַראַדאָקסאַלע ווערטער־פֿאַרבינדונג]. „בודק זײַן די העמדלעך מיט די תּחתּונימלעך, צי געפֿינט זיך אויף זיי עפּעס אַ געל פֿלעקל...פֿון א'ע נקיות“, ייִל, ניט טויט ניט לעבעדיק.
2. וואָס איז ניט קלאָר. וואָס איז מיט אַ צומיש. ניט־עכט. א'ע פֿליסיקייט. א'ער אַלקאָהאָל. א'ע לופֿט. א, גאָלד. א'ע טענער. „איך קוק, איך קוק

...נאָר ס'איז עפּעס מטושטש, ווי דורך א'ע
שפּאַקולן,,, ממוס, קליאַטשע. א'ער סטיל. ▯ א'ע
שפּראַך, א, לשון = א) מיט אַ צומיש פֿון
באַרבאַריזמען; ב) מיט גראָבע רייד.
3. גײַסטיק ניט־ריין, וואָס האָט שלעכטע
כּוונות; מאָראַליש שלעכט; זינדיק; אומערלעך.
א'ע מחשבֿות. ,,איך בין דאָך אַ מענטש מיט אַן
א, מויל און צווישן אַ פֿאָלק מיט אַ ביֵיז א, מויל
געפֿין איך מיר", ממוס, שלמה [איבז פֿון ישעיה,
ו, 5]. ,,מע זאָל אויסכּשרן אונדזער ייִדנטום פֿון
די אַלע א'ע מנהגים", ייִפֿאָל, 50 1882, No.
,,דאָס תּורהלע וועט...אין ענגן אָרון פֿאַרמאַכט
— וויינען! זי וועט וויינען ווײַל א'ע הענט האָבן
זי געהאַלדזט,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
,,אָ, דאַן איז דײַן א'ער וואונטש דיר געלונגען,
דו האָסט אין מײַן הייליקטום פֿרעך
אײַנגעדרונגען,,, מך I, נ,,י 1908. ,,איר נשמה...האָט
אויף דער א'ער ערד אומגעפֿלאַטערט,,, אַל II.
,,און אַז דיא (מתים) זעהן דען (רשע)...ווערט
,
איין גישרייא...גיא דוא אום ריינר, ריאר ניט
אַן אונזר קבֿרים", ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים
II, תּע,,ז, כ/ב. ▯ .א, געלט = אומערלעך
פֿאַרדינט געלט; געלט וואָס מע באַקומט פֿאַר אַ

זינד, פֿאַרבֿרעך. „שילומים־געלט איז א, געלט“,
רייד. „דער וואָס אײַלט רײַך צו ווערן פֿון א,
געלט דער ווערט קיין מאָל ניט ריין פֿון קיין
בֿייז, דאָס עס קומען אויף אים בלבֿולים, דאָס
געלט פֿאַרגייט,„ לט2, 90/3.
4. וואָס איז שפּראַכיק־מיאוס, ניבֿול־פּהאיק.
א'ער שמועס. א'ע ווערטער. „מן זאָל קיינם קינד

6(

קיין אונריין נאמן געבֿן, ווען מן אין שון פֿאַר
ליפּשאַפֿט אזו היישׂט, דאז מן עשׂ וועלט רופֿן
הור, גנבֿ, בֿיז וויכט, שעלם. דיא חכמים שרײַבֿן
דז זעלכי קינדר ני ו שטערבֿן בֿיז זיא דעם גלײַך
ווערדן,„ בֿראַנט. „...קיין איינציקן אומציכטיקן
אויסדרוק, קיין א'עם געשפּרעך“, אמך, מוטער
און טאָכטער, ווילנע 1887.
5. ניט־ריין על־פּי דין, טמא. א, טוו פֿאַר
ט מ א ( )בֿ אאַ). „זײַנן מיר אַך בֿיז צו מתּן
תּורה נאָך אליז אום ריין גיוועזן פֿון דער
טומאה פֿון מצרים“, אַריה ליבֿ בֿר, יהודה
זעליגמאַן, תּקוני המועדים פֿיורדא 1725. „אין דער
,

תּיבֿה זיצן אַלערליי באַשעפֿענישן, א'ע בהמות
אינאיינעם מיט ריינע,,, ממוס, ,בּישיבֿה של
מעלה!. ,,מע טאָר ניט גיין אָנגעטאָן מיט די
תּפֿילין פֿאַר אַ מת, אויך ניט אין מרחץ אָדער
אין א'ע ערטער,,, הרבֿ א. ברודא, הליכות עולס,
אונגוואַר 1864. ,,ירושלים...דען ער וועט ניט
מערן נאָך צו קומן אין דיר איין פֿר שטאָפּטר
און, איין אום ריינר,,, סהמ, ישעיה, נב, 1. .א'ע
ט ע ג , א'ע צ ײַ ט = טעג פֿון נידה,
מענסטרואַציע. ,,אין די א'ע טעג דאַרף די פֿרוי זײַן
אָפּגעשיידט פֿון מאַן". ,,כ'פֿיל זיך ניט גוט, ס'איז
מײַן א'ע צײַט,,, רייד. ,,כּפֿי זי איז דעמאָלט
געווען אין איר א'ער צײַט", ייִל, פּוילישע ייִנגל.
,,אויך זאָל ער ניט ריידן מיט זײַן אייגן ווײַב
אין א'ע טעג, נאָר דאָס וואָס אים נייטיק איז,,,
ספֿך נפֿלאות אלימלך, פּיעטריקאָוו תּר,,ע. אַן
.
א'ע = אויך: אַ פֿרוי וואָס האָט די מאָנאַטלעכע.
אַן א'ער = אויך. אַ מאַן מיט קרי בײַנאַכט.
.
פֿאַסט ווי אַן א'ער. [פֿרגל: ,,איך האכּ מיך גיהיט
דז איך קיין ביזן גידנקן האבֿ גיהט בייא טאָג
אויף זנות, דא בין איך ניט אום ריין גיווארן

מיט קרי בּייא נכט,,, סהמ, יחזקאל, ד, 14.] ▯.א'ע
ט ע ג (אַקטיאָריש) = אין די טעג סוף חודש
ווען מע פֿלעגט שוין ניט קענען שפּילן טעאַטער,
ווײַל דער עולם בעל־מלאָכות און משרתים האָבּן
דעמאָלט גאָרניט געהאַט קיין געלט צו קויפֿן
בּילעטן [די טעג זײַנען געווען נודנע,
אַרויסגערעדט ,נידנע, און זי אַסאָציאירט מיט נידה.]
“ובּפֿרט סוף חודש, אַז עס טרעטן אַרײַן די
,אומריינע טעג', דעמאָלט לעבּט מען פֿון דעם...
[וואָס] מע מאַכט פּראָבּן און מע שפּילט ,
טערטלמערטל”', שע, בּלאָנדזשענדע שטערן I, וואַרשע
.1922

6. פּיג. ניט־הייליק, יצר־הרעדיק. געצנדינעריש,
עקלדיק אע. ,,דערפֿאַר ווערט זי אַרײַנגענומען
אין די דרײַ א'ע קליפּות“, תּניא, כב. ,,דאשׂ ער
ניט זײַן (תּפֿלה) טוט אויש איינם אונריינן (כּלי),,,
לט1, ו/ב [= מיט אַ גוף וואָס איז ניט פֿרײַ פֿון
עפּעס וואָס איז א ▯]. ,,צעבּרעך די א'ע אַלטאַרן,
זיי זײַנען פֿאַלש, זיי אַלע נאַרן,,, יהואָש, ,די
נײַע געטער'. א, הויז = שאַנדהויז. ,,דיא טאָכטר
פֿון רבּי חנינא בּן תּרדיון...טעטין זיא אין דאשׂ
אונריין הויז“, בּראַנט.
אומריינטלעך — אַדי. אַרכ & לאַקל. דזוו
אומריינלעך. ,,האָט מן יונגי קינדר דיא ניט

רײנטליך זײַן...אודר זײַן אונטר דער נאזן
אונרײנטליך אודר זונשׂט בּישמירט אַז קינדר,,,
בּראַנט. ,,אַן און רײנטליכן ערטער (מכּל שכּן)
דז מן ניט טאָר...דען הײליגן גרושׂן פֿאָרכצום
נאמן הרויש װערפֿן“, לט1.

אומרײנקײט

אומרײניקײט — די (דאָ□), ־ן. דזון
אומרײנקײט, אָבּער קאָנקרעטער, דערעיקר פּרט־פֿאַל
פֿון זײַן אומרײן ←. ,,דאז נוך די אונרײניקײט
איז אין זײַנם לײַבּ גיבּליבּן, אונ, האָט דען יצר
הרע אויז זײַנם הערצן ניט גיטריבּן. מיט
אונרײניקײט ער פֿאַר זײַנם הערן קומט“, ספֿר
משלים, קוא בּוך, נז/ב. ,,אונ, דז גאַר קײן
טומאה אונ אום רײניקײט זאָל זײַן צװישן אונז
אין אונזרי הײַזר,,, אַריה ליבּ בּר, יהודה
זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. ,,אײן זבֿ,
דאָס הײס אײן מענטש װאָס עס פֿלײצט פֿון אים
דרײַ טעג נאָו אײנאַנדער א',,, משניות, זרעים,
קעניגסבּערג 1861, ד/ב. ,,און ליגן װעט ליגן
מיט איר אַ מאַן און איר א, װעט זײַן אויף אים,
זאָל ער זײַן אומרײן זיבּן טעג,,, תּי, ויקרא, טו,
24. מחזור יוה“כּ קרבּן אַהרן, װילנע תּרכ,,ח,

פֿאַרטײַטשט 'סלח נא געולם,: ,,פֿאַרגיב זייער
א'". "ער איז מחויבֿ צו זען עס זאָל ניט זײַן
אין שטובֿ קיין אומריינע כּלי אָדער א, פֿון אַ
קינד, וואָרעם וואו עס איז אומריין איז אָסור
צו זאָגן אַ הייליק וואָרט,,, דרך אָדם, וואַרשע
.18▯
אומריינלעך — אַדי. וואָס איז ניט זייער ריין;
אומריין, אָבֿער נאָר בּ1. ־קייט — ,,פֿיל
ווײַבער האָבּן אַן אײַנבּילדונג אַז מע מוז ווי צום
שנעלסטן אויסלערן פֿון די א, אָדער קויט וואָס
געפֿינט זיך בּײַ דעם קינד אין מאָגן,,, מלכּה
בּערלאַנט, גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. ,,די
א, אין שטובֿ און אויף דעם ענגן
פֿאַרשטונקענעם הויף,,, אדז, קמ, 32 1865, No. ,,
פּערזענלעכע און אַלגעמיינע א'...וואָס דערנידעריקן דעם
פֿיזישן צושטאַנד פֿון די אַרבּעטער,,, דר, י.
מעריסאָן, היגיענע.
אומריינערהייט — אַדוו. ווען מען איז אָדער
אין אַ מצבֿ פֿון זײַן אומריין. תּי פֿאַרטײַטשט
,ולא בּערתי ממנו בּטמא, (דבֿרים, כו, 14): ,,און
איך האָבּ ניט אַרויסגעטראָגן דערפֿון א'".
אומריינקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אומריין ←.
צום בּ1: ,,ער זאָל ניט גיין צו גאָטשׂ דינסט

מיט טינוף און אומריינקייט,,, לט1, יח/ב.
,,איין מוטר דיא איר קינד וועשט פֿון זײַנן אונריינקייט,,, ר, זאבֿ בר, יוסף, דרישת הזאבֿ, בערלין 1740. ‘‘דער תּלמיד־חכם דאַרף גיין מיטלמעסיקע קליידער...און זאָל זיי שיין אויסבערשטלען, דאָס מע זאָל אויף זיי ניט געפֿינען קיין פֿעדער און קיין א',,, לט2, מה/א. ,,וואו א, — שוויבלען...אַלערליי מיני שרצים,,, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'. ,,איך מיאוס מיך פֿאַר מיר אָליין, גיי אַרום אומגעוואַשן, אַן א',,, פּרץ, חסידיש. צום ב2: ,,אַ וואויל בילד, פֿאַרדאָרבן דורך די א, פֿון סטיל‘‘, בעם I.

צום ב3: ‘‘איך בין געמינערט און לער פֿון גוטס און בין פֿול...מיט אַלע א, און גרויסע אומווערדיקייט‘‘, איין נײַע שס תּחינה, פּיעטריקאָוו 1881. ,,די ייִדישע פֿראַגע — דאָס איז דער ברייטער קאַנאַל, וואוהין סע גייען אַרײַן אַלע א'ן...פֿון דעם מענטשנס נשמה‘‘, ממוס, ,בישיבֿה של מטה'. צום ב4: ,,און זי [בת־שבֿע] האָט זיך נאָר וואָס געהאַט גערייניקט פֿון איר א'‘‘, תּי, שמואל ב, יא, 4.

אומרײַסן

אומרײַסן — טרוו. רײַס אום, ~געריסן. 1. אַ לענגערע צײַט רײַסן, פֿליקן, אַרומרײַסן. א, עפּל פֿון אַלע ביימער. א, די צויטן פֿון דער קאַפּאָטע. 2. אַרכ. אַרונטעררײַסן. אַרויסרײַסן. „פֿאַשׂטי טערניר דיא און דר שטאַט מויאר גישטאנדן זענין דיא האבן זיא ניט גקענט אום רײַסן אונ, אַך ניט פֿאַר ברענין“, 'איין נייא קלאָג ליד פֿון חורבן ק„ק ווארמיישא', אַמשט 1723 [פֿש III]. „ער ברענגט איין בווײַז פֿון דען פּאבשׂט גרעגאריוס דר אַך פֿר הינדרט האָט דז מן איין שול פֿון דיא יהודים ניט זאָל אום רײַסין“, שאַר, מה/ב. 3. אַרכ. עוקר זײַן, אַראָפּרײַסן. „אי גרעשׂר אונ מעהר דער פֿײַנה בריה טוט זײַן, פֿירט ער זיך וויא דער ברג סיני שפֿל און קליין און קען פֿיל ברג און פּילפּול אום רײַסן“, עיון, י/63. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אומרײַסן זיך — קזוו. רײַס זיך אום, זיך ~געריסן. 1. אַרומקריגן זיך. א, זיך צווישן זיך ווי די קעץ. 2. וואול, וועגן אַ פֿרוי. א, זיך מיט אַלע סאָלדאַטן.

אומרײַף — אַדי. נר. 1. וואָס האָט זיך נאָך פֿיזיש ניט אינגאַנצן אַנטוויקלט. אומצײַטיק. [מיט דע'ם באַטײַט טרעפֿט מען א, אין דער

אַלטער ליטעראַטור און אָפּט אויך אין דער
ניַיער. האָט אָבער איצט אַ דטשמ נאָכטעם.] מלל
פֿאַרטײַטשט 'אָבֿות אָכלו בֿוסר, (ירמיה, לא, 28):
א'. א'ע פּירות. ,,א'ע בּאַנאַנען דאַרפֿן ניט נאָר
קיין קינדער ניט עסן, נאָר אויך ניט קיין
דערוואַקסענע" פֿגעז, פּאַריז l951, No 1־2. א'ע

,

בּעלי־חיים. ,,דער שלאָף האָט געוועבט אַ הילע
אַרום איר יונגן א'ן מיידלשן קערפּער,,.
2. גײַסטיק ניט־אַנטוויקלט. פֿריצײַטיק.
ניטדורכגעטראַכט. א'ער בּאַשלוס. ,,פּאָלי□יש
קורצזיכטיק און א'", טמז, 28 □י III 1963. ־קייט —
,,מחמת גײַסטיקער א'□, טמז, 17 III 1963.

-

אומרייסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומרייסן. דאָס וואָס איז ווי אַ רייף;
סטענגע, בּאַנד. ,,פּאָליציי־היט מיט גאָלדענע א'ען
און מיט גאָלדענע מגן־דוד־אָפּצייכענונגען,,, דר,
מאַרק דוואָרזשעצקי, ירושלים דליטא אין קאַ□ן I:
און אומקום.

-

אומרייסן — טרוו. רייף אום, ~גערייפֿט.
אַרומנעמען מיט אַ רייף. א, די פֿעסער.
אומרייץ — דער, ־ן. היפּוך פֿון רייץ. א, פֿון
פֿאַרשמינקטן פּנים.
אומרייצן זיך — אוטוו. רייץ זיך אום, זיך
~גערייצט. אַ לענגערע צײַט אָפּשפּאָטן פֿון
עמעצן, ערגערן. פֿאַרפֿירן אַ קריגערײַ און א,
זיו מיט עמעצן, אַרויסנעמען יענעם די גאַל. א,
זיך ווי מיט אַ הונט. ־עניש.
אומרייצעוודיק — אַדי. וואָס האָט ניט די
טבֿע צו רייצן; וואָס אַנטוועקט ניט קיין בּאַגערן.
א'ע צניעות. א'ער קאָליר. ־יקייט.
אומריכטיק — אַדי. וואָס איז ניט בּיזן סוף
אַן אמת; פֿאַלש. אַן א'ע אויסטײַטשונג, אַן א,
בּילד. „אַן עצה פֿון א'ע מענטשן“, אמד, הלכות
דרך ארץ, ווילנע 1871. ־יקייט — „אַ
פֿײַנפֿילנדער לעזער קען גלײַך אויסגעפֿינען...די
פֿאַסיקייט אָדער א, פֿון דעם פֿערז,„ י.
בּאָוושאָווער, גש, נ„י 1911.

אומריכטעווען — טרוו. ־טעווע אום, ~

געריכטעוועט. פפּ: ~רעכטעווען. פֿונדאָסנײַ איף
אַן אַנדער אופֿן צופּאַסן, צולאַדעווען, מאַכן
באַקוועמער צו אַרבעטן. א אַ קאַפּול, אַ
קאַ,
לאָדקע.
אומריכטעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי (בײַ,
פֿון) אַ ריכטער. איינזײַטיק. פּניותדיק. א'ער
אורטייל. א'ע רייד. —קייט.
אומרים לדבֿורה: לא מדובֿשך ולא
מעוקצך — ← לא מדובֿשך ולא מעוקצך.
אומריס לנזירא: סהור, סהור — [
אוימרים לינזיראָ: סכויר, סכויר] זאַץ. תּח. זן.
< במדבר רבה, י, כב. 'מע זאָגט צו אַ נזיר:
קרײַז אַרום, קרײַז אַרום, [צווייטע העלפֿט:
לכּרמא לא תקרבֿ = אָבער דערנענטער זיך
נישט צום ווײַנגאָרטן] (אויפֿן סמך פֿון שופֿטים,
יד, 5־6). געניצט מיטן ב: זײַ אָפּגעהיט, האַלט
זיך פֿונערווײַטן, ווײַל קאָנסט נאָך נכשל ווערן.
,,חתנדל, חתנדל ס', ס', אָבער לכּרמא, צו דער
כלהניו, לא תקרבֿ — ווער נישט צו פֿיל שמעלקע
מיט איר,,. ,,ר, ייִד, איר ווילט זיך אָפּגעוואוינען
פֿון ביטערן טראָפּן? טאָ ס', ס, די קרעטשמע,
אָבער לכּרמא לא תקרבֿ, כאַפּט זיך ניט אַרײַן
אינעווייניק“.

אומרים מקצת שבֿהו של אָדם בפֿניו — [אוימרים מיקצאַס שיווכוי שעל אָדאָם בעפֿאָנאָוו] זאַץ. תּח. < עירובֿין, יח/ב. מע זאָגט נאָר אַ טייל פֿון דעם מענטשנס לויב אים אין פּנים אַרײַן דה, ווען ער הערט. [דער צווייטער טייל: וכולו שלא בפֿניו = און דעם גאַנצן לויב, ווען דער מענטש הערט ני□ו (שפּאַסיק: און די גאַנצע רכילות אונטער די אויגן).] משמעות אַן אַלט שוו. געניצט בײַם געבן עמעצן אַ קאָמפּלימענט; בײַם רעדן וועגן עמעצנס מעלות, ווען דער בעל־דבֿר איז דאָ דערבײַ.

אומרימפּלען — טרוו. ־פּל אום, ~גערימפּלט. אַ לענגערע צײַט שפּילן שלעכט, גרילציק (אויף אַ סטרונע־אינסטרומענט). א, אויף אַ פֿידל עטלעכע חתונה־ניגונים. ־עניש.

אומרינגלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומרינגלען. צוריקקער צו דעם פֿריִערדיקן צײַטפּונקט. באַלאַגערונג. סהמ פֿאַרטײַטשט 'ויהי לתשובֿת השנה, (מלכים א, כ, 26): „און, עשׂ וואַר צו אום רינגלונג דשׂ יאַר„. „און, עשׂ וואַר צו אום רינגלונג דיז יאַר„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „די א, פֿון אַלערליי הערלעכע ראָזעס“, לייב לעווי ממײַשעגאָלע, די נערצאָגינע, ווילנע 1881.

אומרינגלען — טרוו. ־גל אום, ~גע止רינגלט.
1. אַרומצייכענען, מאַכן אַ רינגעלע אַרום עפּעס. א, די ענדונגען פֿון די ווערטעד מיט אַ רויטן בלײַער.
2. אַרכ. אַרומנעמען. אַרומזעצן. א, מיט צירונג. ,,איין גאָלדיני קרון, דיא וואַר אום גירינגלט מיט אייטיל אידלן גישטיינן“, יוסיפֿון, אַמשט 1 ▯ ▯ 1.
3. אַרכ. באַלאַגערן פֿון אַלע זײַטן, אַרומכאַפּן ווי מיט אַ רינג. א, די שטאָט, די פֿעסטונג, דעם שׂונאס לאַגער. “זי הטן אין אום גרינגלט צו אַלן זײַטן,,, בבֿא־בוך, 539. ,,זוא וואַרן אונשׂ דיא אום בקאנטי אום רינגלין אונ, זײַן דא פֿיל

אומריסעווען

אום קומן,,, אַהרן בר, יוסף, 'איין שיין נײַא ליד פֿון אובֿן', פּראָג תּמ“ח [M(▯ו▯ ' No 2, 1937].
אין ברכת המזון (הגדה של פּסח), אַמשט 1723 ווערט פֿאַרטײַטשט 'סבוני גם סבֿבֿני, (תּהלים, קיח, 11): ,,זיא האבן אומרינגלט מיך אונ, אויך אום גקרייסט“ [דאָ איז בײַם ערשטן ווערבֿ א ו ם אַ פּרעפֿיקס און בײַם צווייטן — אַ קאָנווער▯].

4. אַרכ. אומקרײַזן, אַרומקרײַזן; אַרומדרייען, אומדרייען. אויך אַקוזוו מיט בּבּ: זיצן אַרום, גיין אַרום, זיך שטעלן אַרום. תּמיד ווערט דער שורש סבַבֿ פֿאַר□ווײַטשט א', למשל: ,הסובֿבֿ, (בּראשית, בּ, 11) — מ□t, ,,דער דאָ אום רינגלט‟; 'תּסבּנה, (בּראשית, לז, 7) — מלל, ,,אומרינגלטין‟; 'נסבּו, (בּראשית, יט, 14) — אורח, ,,זיי האָבּן אומרינגלט,,. אַזוי אויך 'נקבֿה תּסובֿבֿ גבֿר, (ירמיה, לא, 21) — אין סהמ; ,,איין (נקבֿה) ווערט אום רינגלן אירן מאַן‟, און אויך אין אַבֿקת רוכל, לעמבּערג, 1850: ,,איין נקבֿה מוז א, און זוכן דעם מאַן‟ [תּי: ‟זיך שדכען צום מאַן,,.] ,,דאשׂ ווײַבּ זיא ווערט אום רינגלן צו גין נוך דעם מאַן...‟, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, לא, 21. ‟גאָט בּ,,ה אַליין ווייס זייער [= פֿון די גלגלי□] א, און זייערע מעשׂים,,, א. פּאַוויר, בּחינת עולם, ווילנע תּר,,ך. ‟און, ער אום רינגלט זײַן פּנים צו דער וואַנט צו פֿלײַסין זײַן הערץ צו דער תּפֿילה,,, סהמ, מלכים בּ, כ, 2. ‟זיא אום רינגילן און, זיצין אויף שטיל פֿון קאַרפֿונקיל און, גוטין געשטיין‟, 'איין שין וואונדרליך מעשׂה', פֿירט 1694 [פֿש III]. אויך מיט ז י ך — ,,און זײַנן כּמה מלאכי שלום

דיא זיך אום אים רינגלן אום", נצ1, ז/ג.

5. ארכ. אַרומנעמען. „אייטל אנגשׂט אונ, לייד ווערט דיך אום רינגלן", יוסיפֿון, פֿיורדא 1764.

6. אַרכ. איבֿערגעבֿן. „זיא ווערן אום גרינגלט אירי הײַזר צו אַנדר„, סהמ, ירמיה, ו, 12 [תּי: "איבֿערגיין צו אַנדערע"]. ־עניש. ־ער — „איך זאָל ניט זײַן איין אום רינגלר צו דײַן רייד", איבֿז, בּן מלך והנזיר, זשאָלקעוו 1771.

אומרינגען — טרוו. רינג אום, ~(גע)רינגט. אַרכ. דזוו אומרינגלען. אַרומוויקלען. מלל פֿאַרטײַטשט 'כּי אָפֿפֿו עלי רעות, (תּהליס, מ, 13): „אומרינגט". [תּי: „אַרומגערינגלט"]. דער אורדו פֿאַרטײַטשט 'הסובֿבֿ, (בּראשית, בֿ, 11): „וואָס אומרינגט„. „אונ, קלייני וואורם אונ, גרושׂי וואורם...ווערדן זיא דיך אום רינגן נאָך דײַנם טוט„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. "קומט אַ פֿײַער אונ אומרינגט דאָס גאַנצע הויז", מעשׂה השס, לבֿובֿ תּרכ„ב. „אין איין אויגנבֿליק האָט זיך...[דער המון] אַרײַנגעשטופּט אין הויף אַרײַן, האָט אומרינגט דאָס הויז וואו די ייִדן האָבֿן זיך אָפּגעשלאָסן", ייִפֿאָל, 31 1886, No.

אומרינען — אוטוו. רין אום, ~גערונען (~גערינט). אַ לענגערע צײַט רינען, פֿליסן. טרערן רינען אום איבֿערן פּנים.

אומריס — דער, ־ן. אַרומליניע, אויסנליניע.
דער א, פֿון אַ זאַך. „די א'ן פֿון די וואָלקנס אין
אַ ווינטיקן טאָג„, זשיט I, נ"י 1912. „דער
גאַנצער א, וואָלט באַוויזן אַ קאָמפּליקאַציע",
מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.
אומריסעווען — טרוו. ־סעווע אום, ~
געריסעוועט. אומצייכענען. א, אַ דיִאַגראַם מיט טוש.

אומר עןאומר עןאומר

אומר עןאומר עןאומר — ← אומראָיען (זיך).
אומריפּען — ־פּע אום, ~געריפּעט. אוטוו —
אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן גרילציקע קלאַנגען.
די ניט־געשמירטע רעדער פֿון וואָגן ריפּען אום.
א, מיט דער טיר. טרוו — אומרימפּלען. שלעכט
פֿידלען. א, דאָס אייגענע ווידעראַמאָל און
נאָכאַמאָל ־עכץ —עניש.

. .

אומריפּען זיך — קזוו. ־פּע זיך אום, זיך
~געריפּעט. וואול. אומנואפּן.
אומרירבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ← אומיריק,
אומרירלעך.
אומיריק — אַדי. נעאָל, נפּ. אומבאַוועגלעך.

וואָס מע קען ניט רירן פֿון אָרט. א, פֿאַרמעגן.
א, אייגנס. ־יקייט.
אומרירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט רירן. די א'ע זאַכן אין מוזיי. פֿרגל
~באַרירלעך —קייט.

·

אומרירעוודיק — אַדי. וואָס איז לויט דער
נאַטור אָן באַוועגלעכקייט, אָן לעבעדיקייט
פֿלעג.
מאַטיש, אָפּגעלאָזן. פֿויל. א', אַ בלײַערנער פֿויגל.

אַ פֿעטע, א'ע בעל־הביתטע. „זי איז א, שטיין
געבליבן ווי לגמרי פֿאַרשטיינערט“, קל ו סוביל
איבז, דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין
1894. „איר בערג!...איר מוזט דאָך פֿאַרבלײַבן
צוגעשמידט, א',„ מר I, נ„י 1908. ־יקייט
— „זוכעניש איז קראַנטער פֿון זאַטער א',„ מ.
שעכטער, ייִשפ XI, 2.
אומרכילותדיק — [...רעכילעס..] אַדי. וואָס
איז פֿרײַ פֿון רכילות. א, גערעד ן. אַן אָפֿענע,
א'ע באַשולדיקונג. ־יקייט.
אומרמזדיק — [...רעמעז..] אַדי. אויך:
~רמזימדיק [...רעמאָזימ...]. דירעקט, קלאָר,

וואָס איז אָן אָנדײַט, אָנצוהערעניש, קלאָרע, א'ע רייד.
אומרעאַגירט — אַדי. וואָס איז געבליבן אָן אַ רעאַקציע, אָן אָפּענטפּער. א'ע סטימולירונגען. ־קייט.
או'מרעאַ'ל — אַדי. אויך: ~רעאַליש, נר.
1. וואָס איז ניט־ממשותדיק, ניט־ווירקלעך; פֿיקטיוו, אילוזאַריש. „דורך דער פּראָבע פֿון אָנגעהאַלטנקייט טיילן מיר עס [= דאָס רעאַלע] אָפּ פֿון דעם וואָס מיר רופֿן אָן א'ע", מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. „די ליבע צו אָט דעם א'ן חן", שנ, ווענן יודישע שרײַבער II. „אַן א'ע וויכטיקייט", יג, תּוך. 2. אוממעגלעך; וואָס מע קען עס ניט נאָכקומען. א'ע פֿאָדערונגען. „מיט 35 יאָר צוריק איז דאָס געווען אַן א'ע זאַך", פֿגעז, פּאַריז 4 1950, No־5. ־קייט — „ייִדישע עקסיסטענץ אין איר... ניסימדיקער א'", יג, תּוך.
אומרעאַליזירלעך — אַדי. וואָס מע קען ניט רעאַליזירן, דורכפֿירן אין לעבן. אַ פֿאַנטאַסטישער, א'ער פּלאַן. ־קייט.
או'מרעאַליטע'ט — די, ־ן. מצבֿ פֿון זײַן אומרעאַל, ב1. פֿיקציע; חלום, וויזיע. איבערגעבן א, אַזוי לעבעדיק ווי די וואָר.

אומרעאַליסטיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
פֿון דער שיטה רעאַליזם אין ליטעראַטור, □ ונסט.
א, בּילד. א'ע שילדערונג. א'ער ראָמאַן. . דזוו
אומרעאַל. 3. אומפּראַקטיש. א'ער פּלאַן, זײַן

665

א', לעבּן מיט עולם־הבּא. ־קייט — ,,דער
אומזינען און די א, פֿון 'קאָרעקטן, ענגליש‘‘,
ייִשפּ 1 ,)(□I.
אומרעאַקטיווירט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט פֿונדאָסנײַ אַקטיווירט. א'ע באַטעריע.
אומרעאָרגאַניזירט — אַדי. וואָס מע האָט
ניט אָרגאַניזירט פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער (
בּעסערן) אופֿן. א'ער דעפּאַרטאַמענט. א'ע אַרמיי.
אומרעאָרגאַניזירלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט רעאָרגאַניזירן. א'ער, כאַאָטישער צושטאַנד.
־קייט.
אומרעגולירט — אַדי. ניט־אײַנגעשטעלט
עלפּי אַ בּאַשטימטער אָרדענונג, לויט געוויסע
כּללים. א'ע דיִעטע. א'ע טײַך־בּרעגן. א'ער
שפּראַכבּאַנוץ ־קייט.

.

אומרעגולע'ר — אַדי. 1. ניט־פּעריאָדיש,

ניט צו דער צײַט; וואָס איז ניט אין
אײַנגעשטעלטן סדר. א'ע פּאָסט. א'ע באַציאונגען. א'ער
באַזוך פֿון לעקציעס. 2. ניט־פּינקטלעך (
געוויינלעך מיט אַ שלעכטער כּוונה). א'ע
בוכפֿירונג. א'ע וואָג. 3. וואָס איז ניט לויטן געזעץ.
א'ער האַנדל. א'ע פֿירונג פֿון אַ דעפּאַרטאַמענט.
4. וואָס איז ניט לויטן כּלל. א'ער ו ו ע ר ב
[אין ייִדישער גראַמאַטיק למשל אַזאַ וואָס האָט
ניט אין 3טער פּערזאָן איינצאָל, איצטיקע צײַט
קיין ענדונג — ט — ער קאָן, ער וויל; אָדער וואו
דער אינפֿיניטיוו איז אַנדערש ווי די ערשטע און
דריטע פּערזאָן מערצאָל, איצטיקע צײַט — שטיין,
מיר שטייען; גיין — זיי גייען; אָדער — וועלן,
איך וויל; האָבן — געהאַט; זײַן — בין װאַזוו.]
־קייט — „שטראָף פֿאַר די א'ן אין די
ראַדיאָמאַגאַזינען“, ש. ל. שנײַדערמאַן, טמז, 1962 X
.29
אומרעגיסטרירט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרשריבן
אין אַ רעגיסטער, רייסטער. א'ע אײַנוואוינערס.
א'ע דאָקומענטן. 2. ניט־באַשריבן, ניט־
פֿאַרצייכנט אין אַ צײַטונג, כראָניקע אע. א'ע
געשעענישן. 3. פּאַר אומרעגיסטרירן ←. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

אומרעגיסטרירלעך — אַדי. וואָס מע קען
ניט (לאָזט זיך ניט) רעגיסטרירן. די קליינע
פֿארבּרעכנס זײַנען א, ־קייט.
— *
אומרעגיסטרירן — טרוו. ־ריר אום, ~
רעגיסטרירט. פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן
רעגיסטרירן. א, אַלע אַרבּעטסלאָזע. אויך מיט
ז י ך. ־ונג.
אומרעגירט — אַדי. אומבּאַהערשט, ניט־
בּאַצוואונגען. אומגעשטערט; אומקאָנטראָלירט. טאָן
אַלץ א', הפֿקרדיק. א'ע אימפּולסן.
אומרעגלאַמענטירט — אַדי. ניט־
אײַנגעשטעלט דורך אַ רעגולאַמין, רעגלאַמענט. „
מנהגים בּלײַבּן געוויינלעך א'".
אומרעגלמעסיק — אַדי. דטשמ. אָפּט געניצט.
1. דזוו אומרעגולער. 2. וואָס איז ניט לויט
דער נאָרמע, ניט לויט אַן אײַנגעשטעלטן פֿורעם,
מוסטער. א'ער מעטער פֿון פֿערז. א'ער אויספּיר.
א'ע קאָנסטרוקציע. א'ער געבּוי פֿון קערפּער.
"איך האָבּ דערקענט נאָך בּײַם אָנפֿאַנג דאָס א'ע
אויפֿפֿירונג פֿון אונדזער אומגליקלעך קינד„, די
דראַמע פֿאָן פּאַריז, [איבּז], בּוקאַרעשט [יאָר?].
3. וואָס פֿונקציאָנירט ניט ווי געהעריק. א'ער

אומרעזיגנירט

שטולגאַנג. א'ע חושים. א'ער אַסטיגמאַטיזם.
א'ע מענסטרואַציע. א, קלאַפּן פֿון האַר□ו.
א, פֿונקציאָנירן פֿון די אָטעם־אָרגאַנען. א'ע
פֿערמענטאַציע.
4. וואָס איז אין אומרעגולערע אינטערוואַלן.
א'ע צאָלונגען. א'ע באַוועגונג. א'ע בײַטענישן.
„וואָלטן זיך א, [די קערפּערס] געענדערט, וואָלט
ניט געקענט זײַן קיין הימלשע דינאַמיק„,,
מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע □ !רינציפּן. „א'ער
גערויש פֿון מאָטאָרן“ פֿאָר, 1963 III □י 18.

5. וואָס איז ניט פּינקטלעך לויט אָנזאָגן,
אָנווײַזונגען אע. „א, אויסגעפֿאָלגט דעם ריכטערס
אורטייל“, פֿאָר, 2 l963 III.
אומרעגלמעסיקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ,
אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אומרעגלמעסיק. „די א, אין שטולגאַנג טרעפֿט בשעת די
קינדער זײַנען קראַנק“, מלכּה בערלאַנ□ן, די
גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836. „די א, אין דעם
דערשײַנען פֿון דעם זשורנאַל„,, א. גאָרדין,
יאַנאָווסקי..., ל„אַ 1957.

אומרעדלעך. — אַדי. אַרכ. ־un:

[e(lelie נ. פֿאַרדאָרבן, אומערלעך. „...וויא הנדלט
ער אַזוי און רעדליך מיט דען לײַט, וויא בּיזי
זינדיגי מעשׂים האָט ער אַן זיך„, לט1, 49/2.
אומרעדלען — ־דל אום, ~גערעדלט. טרוו
— אומקרײַזן מיט אַ רעדל. א, די
וויכטיקסטע ציפֿערן. אוטוו — אומפֿאָרן אויף אַ רעדל,
וועלאָסיפּעד. א, איבּערן פּאַרק. ־עניש.
א ליטירט — אַדי. אויך: ~
רעאַוואָס איז געבּליבּן פֿאַרפֿלעקט;
וואָס מע האָט ניט צוריקגעשטעלט צום
פֿריִערדיקן בּעסערן מצבֿ. א'ער בּעל־מום. אומשולדיק
פֿאַרמשפּט און א,.
אומרעהאַבּיליטירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס
מע קען ניט רעהאַבּיליטירן. א'ע שעדלעכע
מעדיצין. א'ער נאָמען. א'ער פּאָליטיקער וואָס איז
פֿאָרמישט אין סקאַנדאַל ־קייט.

.

אומרעוואָלטירט — אַדי. וואָס איז אָן בּולטן
אַנטקעגנשטעלן זיך, אָן אויפֿשטאַנד, רעוואָלס.
א'ע לייַבּקנעכט. ־קייט.
אומרעוואַנשירט — אַדי. וואָס איז אָן אַ
רעוואַנש. א'ע מפּלה. א'ער פֿאַרמעסט. א'ער
שאָך־מאַטש. ־קייט.

אומרעווידירט — אַדי. 1. ניט־קאָנטראָלירט, ניט־דורכגעקוק□ן (פֿון אַ פֿאָרשטייער פֿון מאַכט□ פֿון אַ דעה־האָבער). א'ע פּאַפּירן. א'ער באַגאַזש. 2. ניט־געביטן, וואָס איז געבליבן אָן אַ רעוויזיע. א'ע פּאַרטיי־פּראָגראַם. ־קייט.

אומרעווידירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט רעווידירן. א'ע קאָנסטיטוציע. א'ער אורטייל. □קייט.

אומרעווען — אוטוו. ־ווע אום, ~גערעוועט. 1. אַ לענגערע צײַט רעוועןָ. א, ווי אַ הונגעריקער אָקס. 2. אַ לענגערע צײַט שטאַרק שרײַען, וויינען. א, ווי אַ געשמיסענער חדר־ייִנגל. ־עניש.

אומדעווערע'נץ — די, ־ן. אומרעספּעקט. אַרויסווײַזן א, צו מאַכטהאָבערס.

אומרעזיגנירט — אַדי. 1. ניט אָפּגעזאָגט זיך פֿון אַמט. א'ער מיניסטער. 2. וואָס האָט

אומרעזיסטע'נץ

ניט אָנגעוואָרן אַקטיווקייט, אָדער האָפֿענונג. א, נאָך דער מפּלה. ־קייט — „דיקטאַטאָריש־פֿירערישע א'ן איבער דעם גרעסטן טייל פֿון דער הײַנטיקער וועלט„, הל, טמז, 5 1953 XII.

אומרעזיסטע'ן — די, ־ן. אויך: ~
רעסיסטענ'ן. היפּוך פֿון רעזיסטענץ. דאָס ניט אַנטקעגנשטעלן זיך (קעגן אַ מאַכט וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ לאַנד, קעגן אַן איבערקערעגיש, קעגן אַ גזירה). „אַ קומט ניט שטענדיק פֿון פּחד, רעזיסטענץ איז ניט אַלעמאָל מעגלעך“.
אומרעזערווירט — אַדי. 1. וואָס איז אָן רעזערוואַציע(ס), אָן פֿאָרבאַדינג, אָן תּנאָים. „אויף איין פֿאַקט האָבן זיך אַלע געאייניקט א'“, טמז, 2 .18 1961 X. וואָס מע האָט ניט אויפֿגעהיט, באַשטימט פֿאַר עפּעס אָדער עמעצן. א'ע פּלעצער. 3. ניט־באַשטעלט אין פֿאָרויס. א'ע האָטעל־צימערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומרעזשיסירט — אַדי. 1. וואָס ווערט געשטעלט (געשפּילט) אָן אַ דעזשיסער. א'ע דראַמע. 2. פֿיג. וואָס קומט פֿאָר ספּאָנטאַן. א'ע קריגערײַ. ־קייט.
אומרעטאָריש — אַדי. ניט־רעטאָריש; ניטגעראָטן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון רעטאָריק אָדער פּשט, נאַטירלעך. א'ע רעדע. ־קייט.
אומרעטושירט — אַדי. ניט־רעטושירט. א'ע פֿאָטאָגראַפֿיע ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

. .

אומרעיון — [...ראַיען] דער, ־ות [...ראַיוינעס]. ווילדער, אומלאָגישער געדאַנק. זיך אָפּזאָגן פֿון א'. זיך האַלטן בײַם א'.

אומרעכט — אַדי. Mhd: un־r ht. ←

אומרעכט, (דאָס) די. 1. אומגערעכט. אומיושרדיק; אומפּאַסיק; אומערלעך; אומגעזעצלעך; שלעכט; אַכזריותדיק. אַרכ זייער אָפּט, א י צ ט בלויז אין עטלעכע אויסדרוקן: ס'איז א, אַזוינס צו טאַן. *רעכט אָדער א'? — „איך וויל נאָר וויסן איין זאַך: צי דאָס איז רעכט אָדער א'?", ווײַס I , ,ווי דער גורל פֿירט'. סהמ פֿאַרטײַטשט 'איש אָון, [סגול אונטער ו] (משלי, ו, 12) — „איין אונרעכטער מן", אָבער ת׳י: „אַ מאַן פֿון א,,.. "געלט,...אום רעכט גוואונן, בישטיט אַז וויא פּוטר אין דער זונן,,, צוכט. ס המ, בײַם פֿאַר טײַטשן דעם פּסוק פֿון ישעיה, נח, יג וועגן שבת, איז מוסיף: „און, צו רידן אום רעכטי זאַכן (כלומר דבֿרי חול)". „השם יתברך...האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל אַזוי אַן א'ע זאַך אויף דער וועלט געשען,,, ח. ח. הורוויץ, צפֿנת פּענח. „לאָז דער רשע פֿאַרלאָזן זײַן בייזן וועגן און דער א'ער מענטש זײַנע בייזע מחשבֿות", לט2,

כז/בֿ.
*א, ג ו ט = אומערלעך פֿאַרמעגן. ,,זאָל האַלטן וואָרהייט...און, זאָל ניט זמלן און רעכט גוט‘‘, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. *א, ג ע ל ט = ← אומרעכט־געלט. צו א'ן = אַרכ. צום בייזן, פֿאַלש, אומגעזעצלעך, קעגן דין. ,,ער האָט צו און רעכטן דאז קהל גיזעצט, דא זאָלין נעמן דיא שמשׂים...‘‘, תּקק. ,,(לשון הרע) דשׂ איז איינר דר דיא לײַט בירעט, עז זײַא צו רעכטן אודר עשׂ זײַא צו אונרעכטן,,, לט1, ד/א. ,,ווער עס האָט מחלל שבּת געווען צו א, [אָן דער

ענדונג ־ן], מוז ער פֿאַסטן פֿערציק טעג‘‘, לט2, עא􏰀ב.
2. זן לינק. ,,ווען מן רעט אין עסן...דא טוט זיך דער קנה אויף, ווען איין קליין בּיסליין קעם אין דעם קנה היניין, דאשׂ דא הייש̇ט דיא און רעכטי קעל‘‘, לט1, קמבּ/בּ. ,,אויך ווען מען אין 􏰀ועם גאַסט] פֿראגט זאָ מעכט ער ענטווערטן און, דאשׂ עשׂין מעכט אים אין דיא אונרעכט קעל קומן,,; ,,אויך זאָל מן קײַן ספֿר לעגן אויף דאשׂ אַנדר בּפֿרט אויף איין חומש, און

זאָל זיא ניט אום קערין אויף דיא אונרעכט זײַט...,,, בראַנט. 3. פֿאַלש. ,,...עש איז איין משל אַלץ איינר גיט אוף איין וועג אונ גיט אום רעכט,,, עפש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 179.

אומרעכט — דאָס (די), ־ן. 1. ← אומרעכט טאָן. דאָס וואָס איז אומגערעכט; אומיושר. דאָס א, בנוגע צו מיעוטים, בנוגע צו ייִדן. אַ מאַן פֿון א'. 'אָון, (← אומרעכט, אַדי) ווערט פֿאַרטײַטשט: א'. 'לא אוכל און ועצרה, (ישעיה, א, 13) טײַטשט אויס חה, 36: ,,איך קאָן ניט לײַדן וואָס איר האָט א, אין האַרצן און איר זאַמלט זיך נאָך אײַן פֿאַר מיר תּפֿילה צו טאָן“; תּי: ,,א, מיט אײַנזאַמלונג קען איך ניט לײַדן,,. 'עול, [קמץ אונטער ע, סגול אונטער ו] פֿאַרטײַטשט נאָך ספֿר החן והוא חנוך נערים, ווילנע 1868: די א'. תּי: ,,אַ גאָט פֿון געטרײַשאַפֿט און אָן א',, ('ואין עול,, דבֿרים, לבֿ, 4) [אָבער אין אַנדערע שטעלן ווערט 'עול, פֿאַרטײַטשט ,,עוולה“, ← בּ2]. ,,ניט אַזוי די באַליידיקונג, די יסורים, דער ווייטיק פֿון קלעפּ האָט מיך געאַרט ווי דאָס א, מיט וועלכן יענע האָבן עס אָנגעטאָן“, ממוס, ספֿך הבהמות.

2. עוולה, קריוודע. ,,א, איז (מיר) ליבער ווי

שטות,,, שוו, טענדלאַו 822. ס'איז מיר אַן א,
געשען. ,,ווען איינום אום רעכט גשיכט“,
תּבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת בּעלי
חיים, הענא 1718. ,,דר מיט קיינם קיין אום
רעכט גישעהן זאָל,,, פּראָגבֿ, 30. “וועגן דעם
א, וואָס ס'איז די אָרעמע מעקסיקאַנער געשען
מצד די שפּאַנישע קריגער“, צינ II □ו. ,,צו
דערציילן דאָ ווי [ע□] האָט ראָש־השנה שטאַרק
געאַרבּעט אין דאַוונען, וואָלט געווען אַן א,
אַקעגן דעם איבּעריקן עולם אין קלײַזל,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,זאָל אָפּלאָזן זײַנע געדאַנקען דער
מענטש פֿון א'“, תּניא, קפּז. ,,עס איז אַן א,
זיך צו שפּילן מיט די געפֿילן,,, ייִשפּ 3 ,XIX.
3. בּייז; אַכזריות. ,חמס, פֿאַרטײַטשט תּי א,
— ,,און די ערד איז פֿול געוואָרן מיט א',,,
בּראשית ו, 11. ,,מע זאָל אַזוי אַן א, לאָזן אויף
דער וועלט אַז מע זאָל אומשולויקע מענטשן
אַזוי מערדערלעך פײַניקן“, שארית י□ראל, ח,,בּ
מספֿר יוסיפֿון, לעמבּערג [יאָר?]. ,,און ס'האָט
גאָט געזאָגט צו נח: / כ'בּרענג בּאַלד אַלע
לײַבּער אום, / ווײַל בּלויז א,, רויבֿ און כּוח
/ הערשט אין לאַנד דאָ אומעטום,,, אַר, 'אין
חדר'. ,,זיי ווען ניט שווײַגן אַזאַ א, ווי

פּאָגראָמען אויף אומשולדיקע מענטשן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
4. היפּוך פֿון רעכט; 'רעכט, פֿון שולדיקע. דאָס א, פֿון כּוח. ,,פֿיל יאַר אום רעכט איז

אומרעכטס

ניט איין מאָל רעכט,,, עפּש, דרך הישר לעולס הבּא, שקלאָוו 1796.
אומרעכט־געלט — דאָס, ־ן (־ער). געלט פֿון אומרעכט. געלט וואָס מע האָט בּאַקומען אומיושרדיק, מיט אומרעכט. צונויפֿהעפֿט אין ייִג [דאָרטן אין אַלע מקורים פֿאַרבּינדונג פֿון אַדי & סובּ.] ״א׳־ג, פֿאַרשפּילט (געווינט) די וועלט״. [,,און, דער מענטש האָט גיזמלט זײַן געלט מיט אייטל אונרעכט און וויל דײַנע מצוות טון מיט דעם אונרעכטן געלט,,, בּראַנט, שס״ב.
,,קיין אום רעכט געלט טוא בּגערין״, ‎□tה.
,,דרום שטיט אַך בּײַא תּרומה: קחי מאתכם תּרומת ה, פֿון ענקרין געלט, ניט אום רעכט
--
.
געלט״, נצ1. ,,(והקנאה גורמת הבּצע) אַזו בּרענגט אים דיא קנאה דז ער ווערט זוכין אום רעכט געלט און, ווערט זײַן חבֿר אום

זונשׂט פַײַנד האבן,,, מהמ. ,,דאָס אומרעכטע געלט מאַכט פֿאַרלירן...דאָס רעכטע“, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע￼ות II, סאַטמאַר תּרפ״ה.]

אומרעכט האָבן — צזוו. דטשמ￼ נר. זײַן אומגערעכט. ,,א, האָסטו, האַר פֿון אַלע האַרן, אָדער פֿלעגן אונדז די פּריסטער נאַרן,,, יהואָש, ,סאַקיאַ מוני'. א, געבן — צזוו. דטשמ. נר. פֿירהאַלטן עמעצן פֿאַרן זײַן אומגערעכט. ,,ער וועט א, געבן דעם פּאַפּסט“, קמ, 6 1865, No. אין א, זײַן — זײַן אומגערעכט.

אומרעכט טאָן — צזוו. טאָן עפּעס וואָס איז אומרעכט (מיט אַלע בּבֿ). ,,בּעסער אַן א, לײַדן איידער אַן א, ט',,, שןו. ,,גוט יתבֿ, אישׂט וואָרהאַפֿטיק אונ טוט נימנט אונרעכט“, מנחס בּן נפּתּל אָלנדאָרף [סוף 15. אָדער אָנהייבֿ 16.
י

י,,ה, צינ 8 ,￼I￼]. ,,דוא גרושׂיר איינציגר גאָט, איך בּיט דיך...וואָלשׂט מיר עשׂ מוחל זײַן כּי יכול להיות איך דען זעלבּין און רעכט גיטאן,,, גה, 125. ,,האשׂטו רעכט אויף ריכטיגליך גיהאַנדלט אונ האשׂטו קיינם און רעכט גיטאן,,, לט1, קה/א. ,,כלעבּן...עץ טוט א'“. טעיאַטאַר. ,,האָט אים געגעבּן שׂכירות, דאָס ער זאָל אים

...אויסריידן וואָס ער טוט א'“, אמד איבז, בית
אַבֿרהם, ווילנע 1865. תּי פֿאַרטײַטשט ,פּעלי —
און, (תּהלים, קמא, 9): ,,אומרעכט־טוער,,.
אומרעכטיקייט — די (דאָס), ־ן.
אומיושרדיקייט; אומערלעכקייט; אומגערעכטיקייט.
,,וויא דעם דער זײַן הויז מיט זינדן בויט אונ,
זײַן בודם מיט אונרעכטיקייט,,, מ. שערטילש,
ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, ככ, 13. ,,האבן זייא
קיינה און רעכטיקייט גזוכט האבן“, ר, יוסף
דאַרמשטאט איבז, תּורת משה, קאַרלסרוע 1770.
“די רויב פֿון די שדים און פֿון אירה א',,, רבֿקה
בת ר, יוסף, [איבז], אגרת בעלי חיים, [לבֿובֿ?
יאָר?].
אומרעכטלעך — אַדי. 1. אומגעזעצלעך,
אומלעגאַל. א'ער אויפֿטו. ,,עמעצער זאָל זיי
ניט באַנוצן אויף אַן א'ן אופֿן,, פֿאָר, 1963 I

,

7. 2. ניט־באַרעכטיקט. א'ע טענות. ־קייט.
אומרעכטמעסיק — אַדי. וואָס איז ניט לויט
דער מאָס פֿון רעכט, פֿון געזעץ.
אומגעזעצמעסיק; אומרעכטלעך. א'ע פֿאַראָרדענונג. א,
פֿונאַנדערלאָזן דעם פּאַרלאַמענט. ־יקייט.
אומרעכטס — דאָס. מצ נב. אַבסטראַקטע סובּ
פֿון אומרעכט, אַדי. ,,רעכטס ווعט קומען צו

אומרעכטפּאַרטיק

אונדז אין די הענט אַרײַן? עס קומט נאָר א',,,
רייד. ,,גלײַך אַמאָל עטוואשׂ אום רעכטשׂ,,,
עיון, 8/2.

אומרעכטסאַרטיק — אַדי. אומגערעכטיק,
אומיושרדיק. בּאַהיט מיך פֿון די א'ע מענטשן.
,,ער האָט חרובֿ געמאַכט אונזר מדינה, ער
האָט אונשׂ אין גלות גיטריבּן און רעכט
פֿערטיג האָט ער אונשׂ אַן גיטאן“, צאינה, תּרגום
שני. ־יקייט.
אומרעכענען — טרוו. ־כּן אום, ~גערעכנט.
פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל רעכענען, איבּעררעכענען.
א, דעם גאַנצן חשבּון. אויך מיט ז י ך — אוטוו
— זיך בּאַטראַכטן און קומען צו אַן אַנדער
בּאַשלוס. זיך א, און צוריקקומען ־כעניש.
.
אומרעליגיע'ז — אַדי. 1. ניט־פֿרום. זײַן
א', אָבער אַרײַנכאַפּן זיך אויף יום־טובֿ אין

שול אַרײַן. 2. אומגלײבּיק. „די רעליגיע איז אַלעמאָל געװען מער אָדער װײניקער א'„, מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. “אַ צוטריט צו יענע, װאָס זײַנען פֿילאָסאָפֿיש א'„, לל, איק, ניסן תּשי„ד. ־קײט.

או'מרעליגיעזיטעט — די, ־ן. „די העכסט ערנסטע פֿאָרעם פֿון א, װאָס די רעליגיע האָט אַרויסגעװיזן„, מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן, „א, איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן סאָציאַלן ראַדיקאַליזם„, בּצג, טאָג, 1963 XI 9.

אומר על ראשון ראשון, ועל אַהרון אַהרון — [אוימער אַל רישוין רישוין, װעאַ'ל אַכרוין אַכרוין] זאַץ, תּח. < פּרקי אָבֿות, ה, ז. 'ער רעדט פֿון דער ערשטער זאַך צוערשט, און פֿון דער לעצטער — צולעצט'. געניצט מיטן בּ: ער רעדט מיט אַ טאָלק. פֿאַראַן סיסטעמאַטישקייט אין זײַנע רייד [איינע פֿון די מידות פֿון חכם].

אומרעמאָנטירט — אַדי. װאָס איז געבּליבּן אָן רעמאָנט, אָן פֿאַרריכטן. א'ע דירה. —ערהייט — אַדװ. ־קײט.

אומרעמאָנטירלעך — אַדי. װאָס מע קען ניט רעמאָנטירן. א'ע חורבֿה. ־קײט.

אומרענטלעך — ← אומריינטלעך.
אומרעסטאַווירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט פֿונסנײַ אויפֿגעשטעלט (פֿאַרריכט) פּינקטלעך ווי געווען. א'ער צעשאָסענער בנין.
אומרעסטאַווירלעך — אַדי. וואָס מע קען (דאַרף) ניט רעסטאַווירן. א'ער אַלטער שטאָטטייל. א'ע מאָנאַרכיע. ־קייט.
או'מרעספּע'קט — דער, ־ן. (דאָס אַרויסווײַזן) אומאַכטונג. אומדרך־ארץ. אַפּראָנט. "א, צו אונדזער שפּראַך מיינט א, צו זיך אַליין,,, מוו, ייִשפּ I, 2.
או'מרעספּעקטאַ'בל — אַדי. וואָס איז ניט ווערט מע זאָל עס רעספּעקטירן. אומאָנשטענדיק, אומלײַטיש. א'עלע יונגען, ווי פֿון שטאַל אַרויס. א'עלע קריטיק.
או'מרעספּעקטי'רט — אַדי. וואָס רופֿט ניט אַרויס קיין רעספּעקט. א'ער פֿאַרשוין.
אומרעספּעקטירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (דאַרף) ניט רעספּעקטירן. א'עווילדע מנהגים. ־קייט.

או'מרעטעאַבלי'רט — אַדי. ניט־

אויפֿגעשטעלט, ניט־אײַנגעשטעלט פֿונסנײַ. א'ע פּאָזיציעס, אַמטן.

אומרעעטאַבלירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מען קען (דאַרף) ניט רעעטאַבלירן. אָפּגעוואָרפֿענער און איצט א'ער בודזשעט.

או'מרעפּאַטריאי'רט — אַדי. ניט־צוריקגעבראַכט אין היימלאַנד. די א'ע געפֿאַנגענע, פּליטים.

או'מרעפּאָרטי'רט — אַדי. ניט־רעפּאָרטירט; ניט־באַריכט. די א'ע פּרטים פֿון פּאָגראָם. ־קייט.

או'מרעפּאַרי'רט — אַדי. אומפֿאַרריכט. א'ע מכשירים פֿאַר אַן עקספּערימענט.

אומרעפּאַרירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט רעפּאַרירן. א'ע אינסטרומענטן. ־קייט.

אומרעפּובליקאַניש — אַדי. 1. וואָס איז ניט אין דער טבֿע פֿון רעפּובליקאַנער; וואָס איז קעגן דער פּאָליטישער שיטה פֿון רעפּובליקאַניזם. א'ע מאָנאַרכיסטישע טענדענצן. א'ע סיסטעם פֿון איין פּאַרטיי. 2. (פֿאַראייניקטע שטאַטן) וואָס איז ניט אין גײַסט אָדער ניט אין די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי רעפּובליקאַנער. א'ע אַרויסטרעטונגען פֿון די עקסטרעמע

עלעמענטן. ־קייט.

או'מרעפּעטי'רט — אַדי. ניט־אײַנגעלערנט, ניט־איבּערגעחזרט (צו שפּילן פֿאַרן עולם). א'ע ראָלע. א'ע קאַנטאַטע. א'ע חתונה־צערעמאָניע. ־ערהייט — אַדוו. שפּילן א'. ־קייט.

או'מרעפּראָדוצי'רט — אַדי. 1. ניט־קאָפּירט; ניט־מולטיפּליצירט. א'ע בּילדער. 2. ניטפֿאַרמערט (דורך פֿרוכפּערונג). א'ע בּאַקטעריעס־נעסטן. ־קייט.

או'מרעפּרעזענטאַטי'וו — אַדי. וואָס פֿאַרטרעט ניט ווי געהעריק; וואָס איז ניט דער פּאַסיקער שליח, בּאָ־בּכּוח. וואָס גיט ניט די ריכטיקע פֿאָרשטעלונג, אָפּשפּיגלונג. א'ע דעלעגאַציע. א'ע ציטאַטן. ־קייט.

▯

אומרעסאָרמירט — אַדי. וואָס האָט ניט דורכגעמאַכט קיין רעפֿאָרעם. א'ע מלוכה־דעפּאַרטאַמענטן. א'ע דערציאונג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומרעפֿאָרמירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט רעפֿאָרמירן. א'ער כאַראַקטער. א'ע אָרגאַניזאַציע. ־קייט.

או'מרעפֿלעקטי'וו — אַדי. היפּוך פֿון
רעפֿלעקטיוו. זײַן אין אַן א'ן געמיט ־קייט.

.

או'מרעפֿלעקטי'רט — אַדי. וואָס איז
געבֿליבֿן אָן אָפּשפּיגלונג. א'ע שטראַלן. ־קייט.

אומרעפֿערירט — אַדי. וואָס איז געבֿליבֿן
אָן אַ בּאַריכט. א'ע אויסגעפֿינסן.

אומרעפֿערירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס לאָזט
זיך ניט רעפֿערירן. קאָמפּליצירטע און א'ע
אויסרעכענונגען. ־קייט.

או'מרעפֿערע'□ן — די, ־ן. אומשײַכות.
סטאַטיסטיש דערוויזענע א, צווישן צוויי
דערשײַנונגען.

אומרעשן

אומרעציטירט — אַדי. וואָס מע האָט ניט
פֿאָרגעלייענט (קינסטלעריש). די א'ע לידער.
־ערהייט — אַדוו.

או'מרעצענזי'רט — אַדי. וואַס איז געבֿליבֿן
אָן אַ רעצענזיע. א'ע בּיכער. ־ערהייט —
אַדוו.

או'מרעקאָמענדי'רט — אַדי. 1. וואָס איז
אָן אַ רעקאָמענדאַציע, אָן אַ הסכּמה, אָן לויב.

וואָס מע נאַרײַעט ניט. אָננעמען אויף אַ שטעל
אַן א'ן געהילף. 2. ניט־סוגעסטירט. ניט־
געעצהט (עפּעס צו טאָן). א'ע ביכער. ־ערהייט
— אַדוו. לייענען א'.
אומרעקאָנסטרואירט — אַדי. (נאָך)
ניטאויפֿגעש◌ועלט, ניט־אויפֿגעבויט פֿונסנײַ. א,
נאָך דער באָמבאַרדירונג.
אומרעקאָנסטרואירלעך — אַדי. נעאָל.
וואָס מע קען (דאַרף) ניט רעקאָנסטרואירן.
"דער אַלטער טעמפּל איז אַזוי צעשעדיקט אַז
ער איז א'.. ־קייט.
אומרעקאָרדירט — אַדי. 1. ניט־פֿאַרצייכנט;
ניט־פֿאַרשריבן אין אַ באַריכט, כראָניק. א'ע
מעשׂים־תּעתּועים. א'ע נדבֿות. א'ער דערגרייך
אין ספּאָרט. 2. ניט־אַרײַנגעצייכנט אויף אַ
פּלאַט(ע), פּליט(קע); אויף אַ סטענגע, טאַסמע
פֿון אַ רעקאָרדיר אַפּאַראַט. א'ע רעדע.
-
־ערהייט — אַדוו.
אומרעקאָרדירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס
מע קען ניט רעקאָרדירן. א'ע פּרטי־פּרטים.
א'ע, ווײַל צו שטילע רייד. ־קייט.
או'מרעקוויזי'רט — אַדי. ניט־צוגענומען
פֿון אייגנטימער אָדער אוחז־ביד (לויט געזעץ

אָדער פֿון אַ מאַכט). א'ע פּאַפּיראָסן אָן באַנדעראָלן. א'ע קופּערנע קעסלען. א'ע אויפֿרופֿן.

אומרעקוויזירלעך — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען ניט רעקווירן. „מע האָט בײַ מיר אַלץ רעקווירט, נאָר מײַן גוטער נאָמען איז א'".

־קייט.

אומרעקלאַמירט — אַדי. 1. וואָס מע האָט ניט רעקלאַמירט, ניט געמאַכט פֿאַר דעם קיין פּרסום. א'ע פֿאַרזאַמלונג, פֿאָרשטעלונג. א'ע סחורה. 2. (וועגן באָדן) וואָס מע האָט ניט באַאַרבעט, געלאָזן אין אַ ווילדן צושטאַנד אָדער ניט געמאַכט מסוגל צו באַאַרבעטן (נאָך אַ פֿאַרפֿלייצונג, פֿאַרוויסטונג). א'ער באָדן. א'ע ערד. 3. (וועגן אייגנטום) וואָס קיינער רופֿט זיך ניט אָפּ ווי אַ באַזיצער אָדער יורש פֿון דעם. א'ע דעפּאָנירונגען אין בענק.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אומרעקרוטירט — אַדי. ניט־מאָביליזירט; ניט אַרײַנגענומען אין אַדמיי אָדער אין אַן -

אָרגאַניזירטער גרופּע. א'ע יונגעלײַט.

אומרעשיק — [...ראַ(אַ)שיק] אַדי. אויך:

~רעשדיק. וואָס איז אָן טומל.

אומבאַמערקט; באַשיידן. פּוסטע, א'ע גאַסן. אַוועק

פֿון אַמט א'. א'ע טריט ־יקייט.

.

אומרעשן — [...ראַשן, ראַ'עשן] אוטוו. רעש אום, ~גערעשט. 1. מאַכן אַ רעש, טומל, אין אַ צאָל עדטער אָדער אַ לענגערע צײַט. א, ווי אַ כאָפּטע קינדער. 2. מיט אָדער אָן ז י ך. זיך טומלען. מאַכן אַן אָנשטעל אַז

אומרצון

מע טוט אַ סך אָדער עפּעס וויכטיקס. א, ווי לײדיקע פּעסער. ־עניש.

אומרצון — [...ראָצן] דער, ־ס. 1. אומווילן. דאָס פֿעלן פֿון רצון. טאָן עפּעס מיט א'. 2. שלעכטער ווילן. „איך זע אין דעם ניט קיין גלײַכגילטיקייט, נאָר ממש אַן א'“, רייד.

אומרשעותדיק — [...רישעס...] אַדי. וואָס איז אָן רשעות, בייזקייט, שלעכטסקייט (אָבער אויך אָן גוטן ווילן). די געוויינלעכע א'ע גלײַכגילטיקייט. א, און אומבאַטראַכט עפּעס אָפּטאָן.

אומשאַבלאָניש — אַדי. מאַרק ווב. וואָס איז ניט לויט אַ שאַבלאָן. א'ע אויסמעבלירונג. ־קייט.

אומשאָבן — טרוו. שאָב אום, ~געשאָבן
(~געשאָבט) ־ מערו. 2.
אי. 1. אַ לענגערע צײַט שאָבן,
בערשאָבן ־ו◌ג ־עכ◌ו ־עגיש.
.
קראַצן. אַרומש בן. א, פֿיש,

. .
אומשאַטאַיען זיך, ־טײַען זיך — אוטוו.
־טאַיע, ־טײַע זיך אום, זיך ~געשאַטאַיעט,
~געשאַטײַעט. רוסיצ. אַרומגיין און גאָרניט
טאָן. אַרומשלעפּן זיך. א, זיך איבער די
גאַסן פּוסט־און־פּאַס. „....שאַטײַען זיך אום
אַזוי שפּעט בײַנאַכט“, אמד, עווגעניע, ווילנע
1878.
אומשאָטענען — אוטוו. נעאָל. שאָטן אום,
~געשאָטנט. כסדר וואַרפֿן אַ שאָטן אָדער
אויסזען, זײַן ווי אַ שאָטן. „געטלעכע קרעפֿטן
שאָטענען אום אין דער שטיל, אומגעזען„,
אַל I◌.
אומשאַכערן — טרוו. ־ער אום, ~
געשאַכערט. אומבײַטן בײַ אַ ניט־כשרן האַנדל.

־עט פֿערד אויף אַ פֿינגערל ־עריי.
בּכלל זיך פֿאַרנעמען מיט טונקעלע געשעפֿטן.
א אַ געגנב — .

,
אומשאַלטן — טרוו. שאַלט אום, ~געשאַלט.
דטשמ. אָפּט געניצט. איבּערשליסן,
איבּערשטעלן, אומדרייען. א, דעם מאָטאָר אויף אַ
גיכערער שנעלקייט. א, דעם עלעקטרישן
שטראָם. א, די ראַדיאָ־כוואַליעס.
אומשאַלטעווען — אוטוו. ־טעווע אום,
~געשאַלטעוועט. אומווילדעווען. כּסדר געבּן
בּאַפֿעלן. זיך פֿירן ווי אַ קיסר און א, איבּער
די אָרעמע שקלאַפֿן־אַרבּעטער. א, איבּער די
געטאָ־אײַנוואוינערס.
אומשאַליעווען — טרוו. ־ליעווע אום, ~
געשאַליעוועט. 1. אַרומקלאַפּן מיט שאַליעווקעס,
דינע בּרעטלעך. א, אַן אָפּגעשאָסענע וואַנט,
מאַכן ווי נײַ. 2. אַרומצוימען מיט
שאַליעווקעס.
אומשאַלן — אוטוו. שאַל אום, ~געשאַלט.
אַ לענגערע צײַט, אין פֿאַרשיידענע ערטער
שאַלן, רופֿן, שרײַען. א, איבּער די גאַסן
 וֿאַפֿונג — די, ־ען. 1. שאַפֿונג פֿון אַ
אַ זיג.

או

נידעריקן אָדער נישטיקן ווערט. בּעסער גאָרניט איידער אַזאַ א'. 2. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומשאַפֿן. אַן א, וואָס איז גרינג אַנגעקומען.

-

א אַסן — טרוו. שאַף אום, ~געשאַפֿן. שאַפֿן פֿונדאָסניי, אויף אַ נײַעם אופֿן, „ס'איז

663

דאָ אַ סכּנה אַז מדינת־ישׂראל זאָל אין אַמעריקע אומגעשאַפֿן ווערן אין דער בּלייכער געשטאַלט פֿון אַמעריקאַנער ציוניזם“, ח. ליבּערמאַן, פֿאָר, 17 XII 1961.

▯

אומשאַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אַרומשיקן מיט שליחותן. אויף אַ בּאַליידיקנדיקן אופֿן הייסן עפּעס טאָן. א, זיך מיט עמעצן ווי מיט אַ משרת.

אומשאַפֿעריש — אַדי. פּפֿ: ~שעפֿעריש

←. 1. וואָס איז אין אַ מצבֿ פֿון ניט קענען
שאַפֿן. זײַן א', ווערן אַ גײַסטיקער עקר.
2. וואָס האָט אין זיך ניט די סימנים פֿון
זעלבשטענדיקער יצירה. א'ע קאָמפּילאַציע.
־קייט.

אומשאַצבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו
אומשאַצלעך. ,,...אַלע דאָקטוירים און
געלערנטע האָבן דײַטלעך אויפֿגעוויזן אַז די מצוה
פֿון מילה איז א'...,,, פּ. קריטשעווסקי, יודען
אונד יודענטהום, באַרדיטשעוו 1894. ,,די
גרעסטע כעמיקער פֿון ווין האָבן די קוואַלן
אַנאַליזירט און האָבן באַשטעטיקט זייער א'ן
ווערט,,, מר I, נ,,י 1910. ,,מאַרקס האָט
אינדער־אמתן באַוויזן אַ גרויסן א'ן דינסט דער
געזעלשאַפֿטס־וויסנשאַפֿט,,, זשיט II, נ,,י 1917.
קייט.

אומשאַצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומשאַצן. א, פֿון ווערטן.

אומשאַצלעך — אַדי. וואָס איז ניט
אָפּצושאַצן. א'ע אוצרות. א'ע קונסטבילדער.
—קייט.

אומשאַצן — טרוו. שאַץ אום, ~געשאַצט.
שאַצן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א,

אַ היפּאָטעז אויפֿן סמך פֿון נײַע מאַטער אַלן.
י

א, אײַנגעשטעלטע מיינונגען. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אומשאָקלען — טרוו. ־קל אום, ~געשאָקלט. אַ לענגערע צײַט שאָקלען, טרייסלען אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. א, צווײַגן, די פּירות זאָלן אַראָפּפֿאַלן. א, עמעצן ווי אַ לולבֿ. א, פּרײַזן פֿון אַקציעס. מיט ז י ך — א, זיך בײַם דאַוונען. „און נאַכער [נאָכדעם]...האָט זי [די וועלט] זיך אָנגעהויבן א'“, ר, יעקבֿ מדובנא, משלי חכמה. ־ונג. ־עניש.

אומשאַרזשירט — אַדי. ניט־איבערגעטריבן, ניט־פּאַראָדירט; וואַס איז אָן שאַרזש, אָן גראָטעסק. א'ע קאָמישע ראָלע. אָפּמאָלן א'. ־קייט.

אומשאָרכען — אוטוו. שאָרך (־כע) אום, ~געשאָרכ(ע)ט. 1. אַ לענגערע צײַט אַרויסברענגען ניט קיין הויכע, רײַביקע קלאַנגען. דער ווינט שאָרכעט אום מיט די בלעטער אויף די צווײַגן. 2. זיך באַוועגן מיט אַ שאָרכען. „און אויפֿן דיל די שעהן שאָרכען אום, פֿון צײַט פֿאַרשניטענע,„ אַל II, 'דער זייגער קלאַפּט'. ־עניש.

אומשאַרן — טרוו. שאַר אום, ~געשאַרט.
1. אַ לענגערע צײַט הין און צוריק שאַרן, רוקן. אַרומשאַרן. א, שווערע זעק פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. 2. איבערשאַרן. א, מיסט פֿון איין ווינקל אין צווייטן. ־עכץ. ־עניש.

אומשווימען

אומשאַרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. גיין זייער פּאַמעלעך, שלעפֿן קוים די פֿיס. קריכן אויף אַלע פֿיר. א, זיך בײַ די ווענט.
או'משאַ'רף; — אַדי. ניט־שאַרף (אָבער אויך ניט אינגאַנצן טעמפּ, שטרענג, האַרב אע).
א'ע מכשירים. אַן אויסגעדראָשענער, א'ער וויץ. א'ע געטראַנקען. א'ער אויסרייד. ־קייט.
או'משאַרף — די, ־ן. אַרומליניע, קרײַזליניע.
אומריס. קאָנטור. איבערציִען די א'ן מיט טוש.

▯

אומשאַרסזיניק — אַדי. וואָס איז ניטשאַרפֿזיניק (אָבער אויך ניט טעמפּ). א'ע באַמערקונג. א'ע, כלומרשט — נײַע געדאַנקען.

־יקייט.

‏

אומשאַרסן — טרוו. שאַרף אום, ~געשאַרפֿט. אַ לענגערע צײַט, אויף אַן אַנדער אופֿן שאַרפֿן. א אַ מעסער, עס זאָל שנײַדן ווי אַ חלף.

,

אומשבֿרעווען — [...שאַבּרעווען] ־רעווע אום, ~געשבֿרעוועט. (גנבֿים־שפּראַך). אוטוו — כּסדר זיך פֿאַרנעמען מיט גניבֿות (אין פֿאַרשיידענע ערטער). א, איבּער (אין) די גרויסע געשעפֿטן. טרוו — צונעמען (שטובּ־זאַכן, ווערטזאַכן אע) וואָס מע האָט געלאָזן אויף הפֿקר. א, כּלים, קליידער אין די פּאָגראָמירטע הײַזער.

אום שבּת — אַדוו פֿראַזע. ← אום, פּרעפּ. „תּקיעת שופֿר איז דוחה שבּת. אַז ראָש־השנה איז געפֿאַלן א, ש', האָט מען אין בּית־המקדש געבּלאָזן שופֿר א, ש'“, מחזור לראָש־השנה, סלאַוויטע 1832, מג/א.

אומשבּתדיק 1 — [...שאַ'בּעס...] אַדי. [אַקצענט אויפֿן צווייטן טראַף]. וואָס איז אום שבּת. א'ע שפּאַצירן. דאָס א'ע שלאָפֿן נאָך מיטאָג. ־יקייט.

אומשבתדיק 11 — אַדי. [אַקצענט אויפֿן ערשטן טראַף]. וואָס איז ניט ווי עס דאַרף זײַן אום שבת. א'ע אַרבעט. א'ע גראָבע שפּײַזן.

-

אומשבה — [...שוואַך, שעוואַך] דער, ־ים [...שוואָכי]. היפּוך פֿון שבֿח. כּלומרשטע לויב וואָס ווײַזט אין תּוך אויף אַ חסרון. שבֿחים און א'ים. אַן א', פֿאַרשטעלט אין אַ קאָמפּלימענט.

אומשוואַרצן — טרוו. שוואַרץ אום, ~ געשוואַרצט. איבערשוואַרצן. אַרומשוואַרצן. א, דעם טאָוול. ־ונג.

אומשוויבלען — אוטוו. ־בל אום, ~ געשוויבלט. שוויבלען אַ לענגערע צײַט אָדער אין אַ צאָל ערטער. "כּלערליי שרצים שוויבלען דאָ אום אין די זומפּן". ־ונג. ־עניש.

אומשווייסן — אוטוו. שווייף אום, ~ געשווייפּט. אַרכ. .Mhd: um(be)—s'י ei en

גיין הין און הער; אַרומבלאָנדזשען. „זיא
בראַכטן [= געבראַכט] דאז היר [= הער, אַרמיי]
דר אדומיים היניין אין דיא שטאַט אונ, זי
שויויפֿט [= שווייפֿטן] אום אין אַלן גאַסן דער
שטאַט“, יוסיפֿון □ אַמשט 1661.

אומשווימען — אוטוו. שווים אום, ~
געשוואומען. 1. אַ לענגערע צײַט שווימען אַהין
און אַהער. א, וואָכן און חדשים פֿון האַפֿן
צו האַפֿן. „דא שוואָם איך אום גאַר לנגן,

אומשווינדלען

פרעה זײַן טאָכטר קאַם אַך דאַר גיגנגן,,,
מדרש ויושע, פּראָג 1686 [ל. לאַנדוי, פֿש III].
„שווימען שוואַנען אום, באַטרונקען אין אַ
טאַנץ פֿון זומערשטראַלן“, יהואָש, 'דער
בלומען־פּאַלאַץ'. 2. פֿיג. אַרויסווײַזן
באַהאַוונטקייט אין אַן ענין. זיך פֿרײַ באַוועגן בײַם
באַטראַכטן פּראָבלעמען פֿון אַ באַשטימטן
געביט. א, אין ים התלמוד. א, אין דער
מיטלעלטערלעכער פֿילאָסאָפֿיע. 3. פֿיג. ווי אין
אויסדרוק זיך באָדן אין...א, אין אַלדאָסגוטס.
„מעגסט א, אין רויב און שאַנד...די וועלט
האָט 'בשׂמים אַלערהאַנט“, מר □ □, נ“י 1908.

,

א, אין דרעק = גראָב. זײַן זייער אַ

שמוציקע, אָפּגעלאָזענע בעל־הביתטע. ־עכ ן.

־עניש.

אומשווינדלען — אוטוו. ־דל אום, ~

געשווינדלט. אַ לענגערע צײַט טאָן ניט־ערלעכס, פֿאַלש. א, דאָס גאַנצע לעבן ־עניש.

—

.

אומשוויצן — אוטוו. שוויץ אום, ~געשוויצט.

(שפּאַסיק) אומהאַווען, אומלויפֿן, אומשמײַען. קהלן זיך; זיך מאַכן וויכטיק. א, אויף פֿרעמדע חתונות. א, און זיך פּלאָנטערן אונטער די פֿיס ־עניש ־ער ־עריי.

— . . .

אומשווישטשען — → אומסווישטשען.

אומשוועב — דער, ־ן. אַקט פֿון אומשוועבן.

אומשוועבן — אוטוו. שוועב אום, ~

געשוועבט. 1. שוועבן, פֿליִען גרינג, אָן גערויש, אַ לענגערע צײַט, איבער אַ סך ערטער. "אין אַ נעץ פֿון ליכט און שאָטן שוועב איך אום אַזוי די וועלט", ל. קוסמאַן, מײַן שטאָס. „עס שמאַכטן די נשמות,...חלשן אַוועק פֿון לויטער א, און גאָרניט אויפֿטאָן", יהואָש, 'נאַקעטע נשמות,. "אָבער ניט לאַנג געדויערט זייער

א, ווי געשפּענסטער אין כּף־הקלע“, זשיט I,
נ“י 1912.

2. אומוואָגלען. אויך: אַרומגיין, אַרומפֿאָרן,
טראָגן זיך. „אויף דעם מער וואַרן זי אום
שוועבן, איין ווײַל מיט ווינד, איין ווײַל מיט
בּונאצה„, כּבֿא־בּוך, 84. „ער גינג גאַר לאַנג

אין דער שטאָט אום שוועבן אונ, זוכט איבּר
אַל אַן אַלן ענדן...“, ספֿר משלים פּפֿדמ 1686.

,

„די נשמה, די צעבּראָכענע, מוז א, איבּער
דער וועלט, זי זאָל אָפּקומען איר עונש“,
ישרי לבֿ, ווילנע 1867, לח/א. „ערגעץ אין
הוילן שוועבּט אום, וואָגלט אום אַ נשמה
אין הוילן, אַ גלגול פֿאַרשוועכט“, אַל II.

3. פֿיג. חלומען, פֿאַנטאַזירן. א, אין
עולםהדמיון, אין וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע. א, אין די
עולמות העליונים, אין די אייבּערשטע
וועלטן. „...ווען די פֿאַנטאַזיע האָט געאַרבּעט מער
ווי דער שׂכל און דער מענטש האָט
אומגעשוועבּט מיט זײַן כּוח הדמיון אין די
עולמות עליונים“, מר I I, נ„י 1908. ־ונג.
־עכ ן. ־עניש.

אומשוועגק — דער. מצ ווי אצ. ארכ.
אומדריי, אַרומדריי. "[בּלעם] אבּר פֿיל אום שוועגק
ווערן מאַכן, אזו איז גוויס הבֿל הבֿלים אַל
זײַן זאַכן..."‚ ר' יעקבֿ בּר' יצחק סג"ל ש"ץ
דק"ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ, פּראָג 1763.
אומשוועגקען — טרוו. שוועגק אום, ~
געשוועגקט. איבּערשוועגקען; שוועגקען עטלעכע

מאָל. א, ווּעש. א, דעם האַלדז מיט
זאַלצוואַסער. ־עכ□ן. ־עניש.
אומשוועסטערלעך — אַדי. וואָס איז ניט
אַזוי ווי עס דאַרף זײַן מצד אַ שוועסטער.
א'ע קנאה־שׂנאה ־קייט.

.

אומשוינער — דער, (־ס). וונ נבּ. ווער עס
שוינט ניט, שאַנעוועט ניט. „יעדער צוויי
וואָכן האָבּ איך געמוזט האָבּן אַ פּאָר נײַע
שיך און הויזן. אַזאַ א, בּין איך געווען",
פּ. מינץ, לאָדזש אין מײַן זכּרון.
אומשויען — טרוו. שוי(ע) אום ~געשוי(ע)ט.
אַרכ. דזוו אומקוקן (זיך). „וגם איז איין תּיקון
ישן געווען ווען איינר...גוסס ווער זאָל מאַן

שיקען קבּרנים איבּר צו זיטצען אונ, אימּמער
נאָך אונד־נאָך אומצושויען דיא זאגין מעבֿור
יבּוק...״, 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא',
תּנ״ב □ □ □ □ d □ □ /. □ □ □ □ □ □]. ,,עז ווער פֿרטיג
גיוועזן אי [= איידע□] מען האָ□ זיך קענן
אום שייאַן״, יעקבֿ בּר, יצחק סג״ל ש״ץ
דק״ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ, פּראָג 1763.
אומשוישפּילעריש — אַדי. וואָס איז ניט
ווי בּײַ אַ שוישפּילער, אַן אַקטיאָר. [שוישפּילער
איז דטש מ, הגם אָפֿט געניצט.] א'ע
שעמעוודיקייט. ־קייט.
אומשולד — די, ־ן (זן). 1. דאָס פֿעלן
פֿון יעדער שולד לגבּי געזעץ, דין, לגבּי דער
געזעלשאַפֿט לגבּי אַ יחיד. בּאַווײַזן,
פֿעסטשטעלן די א'. אַ בּליק פֿון א'. ,,ער האָט
איר געוואָלט דאַנקען פֿאַר דעם דערקענען
זײַן א',,, ווײַס, 'דער איבּערגאַנג'. ,,אַן
אומשולדיקער דאַרף שטאָלץ קענען זײַן א,
אויסטראָגן״, שטריגלער. ,,זי וועט קעמפֿן בּיזן
העכסטן געריכט צו בּאַווײַזן איר א'״, פֿאָר,
2 1 □ 19 X.
2. דזוו בּ1, נאָר פֿון מאָראַלישן
שטאַנדפּונקט, בּנוגע גאָט, בּנוגע דעם אייגענעם

געוויסן. די א, פֿון קרבּן. א, פֿון רייִנעם געוויסן.
„און, איז אונזר מוטר גישטאָרבּן אין א'ן,
דאָ ווערט גאָט זוכן איר אונשולדיק בּלוט
פֿון דר האַנד אירר טוט שלעגר“, יוסיפֿון,
אַמשט 1661 ◻ „דער ליבּי גאָט אבּיר דער
אונזיר און שולט אַן גיזעהין האָט“, גה, 120.
3. תּמימות. נאַאיוויטעט. אַ פּנים, די אויגן
— די א, אַליין. „אין ליפּשיצעס שרייַבּן פּילט
זיך נאָך די א'...דעריבּער...אַזאַ גלויבּן אין
זײַנע לידער“, אָפּאַ, היבּרו. „ניט פֿאַרשטאַנען
האָט אין א, פֿאַרמאַסקירן זיך אויף לאַנג“,
יהואָש, בּלומען און דערנער. „די א, פֿון די
אומזינדיקע“, מלך ראַוויטש, איק, ראָש־השנה
תּשכ„ד.
4. צניעות. בּתולהשאפֿט. אָנווערן די א'.
זי האָט איר א, ניט פֿאַרלאָרן. בּאַרויבּן די א'.
“און נאָו אַלע דײַנע פּילדערס, אַלע דײַנע
זנותן, בּליקסטו אויף צו הויכער א', לעכצסטו
אויף צו רותן“, צײַט, מטטרון. „'די צנועה,
— אַזוי האָט [זי] בּײַ אים געהייסן אין דער
...א,־ווײַסער קלייד“, אַר, ,אַ צנועה אין
קאַבּאַרעט,.
אומשולדיק — אַדי. ← אומשולד. 1. וואָס
איז ניט פֿאַרמישט אין קיין שום פֿאַרבּרעכן.

וואָס האָט ניט עובֿר געווען אויף קיין געזעץ.

אומשולדיק

פֿאַרמשפּטן אַן א'ן. אַרויס אַן א'ער נאָכן
(פֿון) משפּט. 'ושוחד על נקי לא לקח, (תּהליס,
טו, 5) — תּי: „און שוחד קעגן אַן א'ן ניט
גענומען„, סהמ: "ער נעמט ניט שוחד...פֿון
דען ריינן אום שולדיגן עני וועגן". „ווערט
ער מיך רעכן פֿאַר איינן אויש שפּעהר אונ,
ער ווערד גיביטן דשׂ מן מיך טויטן זאָל,
אונ, איך בין אבר אונשולדיג", יוסיפֿון, אַמשט
1661. "החסיד זײַא נון און שולדיג איז יותר
אַ[לף] חודש תּפֿוס", ,כ"י וועגן מעצער
עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. „וואַרום האָט די
תּורה ערלויבט דעם גואל־הדם צו ערמאָרדן
דעם א'ן מערדער פֿון זײַן ברודער„, אמד, די
איידעלע ראַכע, ווילנע 1875.
2. פֿרײַ פֿון יעדער מין שולד; מאָראַליש
ריין פֿאַלן אַן א'ער קרבן. „דער און שולדיג
.
מוז מיט דען שולדיגן אַנטגעלטן", צוכט.
„רעטן די צוויי א'ע זעלן פֿון דײַנער
גיפֿטיקער האַנט", לאַט, מאמאָן. "אַזאַ טײַערע, כשרע

נשמה איז א, פֿאַרוויסט פֿאַרשוואַרצט
גע—
,
וואָרן,,, ממוס, קליינמענסשעלע. ,,זי איז
געוועזן א, און ערלעך‘‘, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. ,,ס'גייט אין אומשולד פֿון א'ע
מענטשן‘‘, יג, טמז, l957 IX 1. ד ם נ ק י —
אַ סך מאָל אין תּנך — ווערט שטענדיק
פֿאַרטײַטשט אין תּי און פֿרִיערדיקע: א, בּלוט.
,,בּיז וואַן דו ווערסט אין א'ן בּלוט אַליין
דערשטיקט, אַליין דערטרונקען ווערן‘‘, פֿרוג I,
נ,,י 1910.

*פֿ אַ ר ג י ס ן א, בּ ל ו ט — א) טייטן,
דערהרגענען אינגאַנצן אַן א'ן (א'ע). < שפֿך
דם נקי (דבֿרים, יט, 10; מלכים בּ, כד, 4 אאַ).
,,ווען אײַך העט ניט אויף גיהאַלטן, אַזוֹ העט
איר פֿיל אונשולדיג בּלוט פֿר גאָסן‘‘, אַמשט
מבּ, מעשׂה 117 [אַווע III]. ,,דען דיא ליבּן
[= לייבּן] פֿר גיסן קיין אום שולדיג בּלוט,,,
הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש [איבּז], אגרת
בּעלי חייס, הענא 1718. ,,זאַכן וואָס השי,,ת
האָט פֿײַנט...און פֿאַרגיסן א, בּלוט‘‘, מס, משלי,
תּקע‘‘ד, ו, 17; בּ) עפֿנטלעך שטאַרק
בּאַליידיקן. ‘‘אונ דיא הענד דיא דא פֿאַר גיסן און
שולדיג בּלוט — דאשׂ מיינט איינר דער דען

אַנדרן פֿאַר שעמט, דא פֿאַר גיסט ער אים זײַן בלוט“, לט1, לא/ב. [אויפֿן סמך פֿון: “המלבין פני חבֿרו ברבים כאלו שופֿך דמים“, בבֿא מציעא, נח/א.]

3. תּמימותדיק. נאַאיוו. וואָס ווייס ניט פֿון אייגענער אָדער אַ צווייטנס שולד. „ער איז געוועז אַ יונג א, קינד, אַ פּראָסט דאָרפֿיש יינגל„, ספּ, יִדישער קאָלאָניסט. א, ווי אַן ערשטגעבוירן קינד. „פֿיל א'ע קינדער ווערן געבוירן אין דער פֿינצטער...און גייען אַוועק מיט אַן אומצײַטיקן טויט“, פּ. קריטשעווסקי, יודען אונד יודענטהום, באַרדיטשעוו 1894. „אַך ווי צנועהדיק־נאַאיוו עס קוקן אַרויס פֿון דער קערה די א'ע מצות„, שע, פֿון פסח ביז פסח. *א'ע א ו י ג ן. „זי האָט אויסגעזען רייצנדיק שיין און געקוקט אויף אים מיט א'ע אויגן„, ספּ, סודנת.

4. צניעותדיק. אומבאַרירט. ריין. אַן א, נעבעכל. „האָט געשפּילט די ראָלע פֿון איינער גאַנץ א'ער מיידכען וואָס ווייס מערניט

אַומשולדיקערהייט

ווי פֿון גאָט און ציצית“, אמד, רויזע

פֿינקעל, ווילנע תּרל,,ד. ,,ווען נישט ער, וואָלט
זי זיך געווען אויסגעלעבּט ריין, א, זיך
געווען אויסגעפֿלאַטערט‘‘, בּ. דעמבּלין, צוויי
און אַ דריטער. ,,ער האָט בּאַשריבּן אַ יונג,
א, מיידל, פֿון מאָמענט ווען זי ווערט
בּאַרויבּט פֿון איר אומשולד,,, בּצג, טמז, 1963
27 ▯ III. ,,אַן אויפֿגעקומענער עושר, האָט
ער געהאַט אַ שיינע א'ע בּיבּליאָטעק, וועלכע
ער האָט קיינמאָל נישט געטשעפּעט‘‘, נאַד,
זעקס בּיכער.
5. פּשוט. אויבּנאויפֿיק. וואָס איז אָן
פּרעטענזיעס. האַלטן אַן א'ן רעפֿעראַט. אַן א'ע
פֿאָרשונג.
־יקייט — די א, אַליין. אַרויסבּרענגען
די א,.
אומשולדיקערהייט — אַדוו. אין מצבֿ פֿון
זײַן אומשולדיק; ווען (הגם) מען איז
אומשולדיק. כאַפּן פּעטש א'. ,,ער זאָל זיי
בּאַדויערן, ווען זיי לײַדן א',,, צ. ה. האָרנשטיין,
▯ לידניעפֿקער לעבּענדע פֿאָטאָגראַפֿי,
בּאַרדיטשעוו תּרנ,,א. ,,די עוולה קעגן דער פֿרוי
וועלכע איז א, פֿיר חדשים געזעסן אין
טורמע‘‘, טמז, 18 ▯ 1963 II. אויך: ־

ערוויַז(ע), דטשמ, אָבער אויך פֿטמ, גאַליציע.
„...א'וויַזע פֿאַרמישט געוואָרן אין בלוטיקע
שלעגערייַ“, אמד, די צוויי קליינע
קאַטעדינסציקעס, ווילנע 1874.
אומשולהדערוכדיק — [...שולכן־אָ'רעכ...]
אַדי. 1. וואָס איז ניט על־פּי דעם
שולחןערוך. א'ער פֿיד. 2. וואָס האָט ניט קיין
אײַנגעשטעלטע כּללים פֿון אויפֿפֿיר; וואָס איז
ניט ווי מיט אָ שולחן־ערוך. א, לעבן, הײַנט
אַזוי און מאָרגן אַנדערש ־יקייט — „
איי.
נער פֿון די גרעסטע חסרונות פֿון די חיבורים
פֿון די סאָציאַל־עטיקער איז זייער א'„ בּרידער
גאָרדין, אונדזערע חיבּוריס, ווילנע 1912.
אומשולן — טרוו. שול אום, ~געשולט.
אויסשולן אויף אַ נײַעם אופֿן.
איבערקוואַליפֿיצירן. א, עמעצן, ער זאָל זיך טויגן צו
אַ נײַער פּרנסה ־וננ.
.
א וץ — די, ־ן. דאָס פֿעלן פֿון שוץ.
„אַזאַ 'פֿעסטונג, איז גיכער אַן א, איידער
אַ שוץ„.
א ורשען — אוטוו. ־שע אום ~
געשורשעט. אַ לענגערע צײַט (זיך באַוועגן און)

אַרויסגעבּן קלאַנגען מיט אַ קליין געראַוש.
א, מיט אַ זײַדן קליידל. ־עניש.
אומשושקען זיך — קזוו. ־קע זיך אום,
זיך ~געשושקעט. פֿירן צווישן זיך אַ שמועס
זייער שטיל. א, זיך ווי גנבֿים. א, זיך ווי
פֿאַרליבּטע ־עניש.

.

אומשותּפֿות — [...שותּפֿע] די (דאָס), ־ן.
ניט־לויניקע, אומגעראָטענע, אומערלעכע
שותּפֿות. אַן א, וואָס פֿירט צום באַנקראָט. ־דיק
— אַדי. ־יקייט.

אומשטאָלצירן — אוטוו. ־ציר אום, ~(גע־
שטאָלצירט. אַ לענגערע צײַט אַרויסווײַזן
שטאָלץ, זיך באַרימען, זיך איבּערנעמען מיט
עפּעס. א, מיט געראָטענע קינדער. א, מיטן
אויפֿנעם בײַם גבֿיר.

6'

אומשטאַמיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ שטאַם.
נעאָל. מאַטעס דײַטש.

אומשטאַמלען — אוטוו. מל אום, ~
געשטאַמלט. 1. אַ לענגערע צײַט פֿאַרהאַקן זיך

בײַם ריידן, שטאַמלען. א, און רײַסן זיך צום עמוד. 2. אומקלאָר ריידן בײַם פּרוּוון זיך אַרויסדרייען בײַ אַן ענטפֿער, בײַם אָנגעבן אַ תּירוץ. ניט לאָזן א', צודריקן צו דער וואַנט און אַרויסקריגן אַ קלאָרן ענטפֿער. ־עניש.

אומשטאַנד — דער, ־ן (מצ אויך: ~שטענד, אַרכ; ~שטענדן ←). > פֿריהויכדײַטש.

M□d: umbe. 1־s□ו nt. מצבֿ, מעמד, לאַגע, צושטאַנד. איך ווייס ניט אײַערע א'ן. אין וואָס פֿאַר אַן א'ן זײַט איר מיט אים? מלל פֿאַרטײַטשט 'אולי יראה ה, בעיני, (שמואל בֿ, טז, 12): „מײַן אום שטנד„. „און, מיט אים פֿרײַנטליך גירעט און, דען אום שטאַנט פֿון זײַנר קראַנקהייט גיפֿראגיט“, גה, 282. „דער דאָזיקער א', אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שעדלעכער ווירקונג פֿון אַ זיצנדיקן אַרט לעבֿן...“, פֿגעז, ווילנע 1929 ,3 No. אָפֿט אין מצ. אין גוטע (שלעכטע) א'ן. □ — וואָס מאַכט דער חולה? — דער א, איז אַ נישקשהדיקער“, רייד.

2. תּנאַי, באַדינג, בײַ קיין שום א'. „ווערט [די סחורה] טײַערער פֿאַרקויפֿט, אָבער דורך אַן אַנדער א'“, הרבֿ מרדכי הורוויץ, ספֿר

פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866. כּמעט שטענדיק
אין מצ. בײַ די (אַזעלכע, אַנדערע) א'ן.
3. מצבֿ פֿון זײַו אין אַנדערע אומשטענדן,
פֿון שוואַנגערשאַפֿט. „...האָט ער דאָרט
הינגעשריבּן פֿון דעם א, מיט זײַן טאָכטער,„
עקיבֿא יוסף שלעזינגער, עמוד היר▯ה, קאַשוי
.18▯ ▯
אומשטאַנד־בּאַשטימונג — די, ־ען. דזוו
אַדווערבּיאַלע בּאַשטימונג. ← אַדווערבּיאַל. „יע־
נע בּײַגלידער וואָס ווײַזן אָן בּײַ וואָס פֿאַר
אומשטאַנדן ס'קומט פֿאָר די טואונג אָדער
צושטאַנד הייסן א'־בּ'ען„ מ. וויינגער, יודישער
סינטאַקסיס, 1913.
אומשטאַנדהאַפֿטיק — אַדי. 1. ניט־
האַפֿטיק. ניט־קרעפֿטיק. ניט־סטאַבּיל. בּויען אויף
אַן א'ן יסוד. א'ער כאַראַקטער. זײַן א, אין
אַ געוויסער פֿראַגע. 2. ניט־אויסגעהאַלטן.
אומלאָיאַל. א'ע פּאַרטיי־מיטגלידער. ־יקייט —
„עפּעס דרינגען פֿון דער א, פֿון דעם
אייגנאַרטיקן קוק„ מעריסאָן איבּז, ספּענסער,
ערשטע פּרינציפּן. אויך אָן ־יק, דטשמ. „זײַן
האַרץ...אַזוי ווײַט אומשטאַנדהאַפֿט„ אמד, נטע
גנבֿ, ווילנע 1887.
אומשטאַנרוואָרט — דאָס, ־ווערטער. זזוו

אַדוורבֿ ←. „אומשטאַנד־באַשטימונגען קענען
אויסגעדריקט ווערן דורכן א'. אַז מע
באַגראָבט לעבעדיקערהייט קען מען תּחית־המתים
ניט אויפֿשטיין (שוו)“, מ. וויינגער, יודישער
סינטאַקסיס, וואַרשע 1913. „איו נוץ
דערעיקרשט ווי אַן א', סינאָנימיש מיט דערהויפּט“,
נפ, ייִפֿאַ, 1938, 5.
אומשטאַנדלעך — אַדי. וואָס האָט אַ
שייכות, בינדט זיך מיט אַן אומשטאַנו, מיט

אומשטויסן

אומשטאַנדן. א'ע באַווייזן זײַנען ניט
שטענדיק גענוג זיכער. אויך מיט די בבֿ פֿון
אומשטענדלעו ←.
א טאַנד(ס)־קלייד — דאָס, ־ער.
טשערנאָוויץ. קלייד צוגעפּאַסט פֿאַר אַ שוואַנגערער
פֿרוי.
אומשטאַרביק — אַדי. וואָס קען ניט
שטאַרבן. וואָס בלײַבט אייביק. דאָס א'ע פֿאָלק.
„ווי אַנדערש ווערט מען פּטור פֿון קראַפֿט
...
א'ער?„ פֿאַש, 1 XI 1964. ־יקייט — „צו
פֿולער א, זײַנען זוכה נאָר אויסדערוויילטע

מענטשן,,, זק איבּז, שד ַ I. ,,קומט ממילא
אויס אַז אַן אומאויפֿגעקלערטע נשמה האָט
ניט קיין רעכט אויף א',,, פּ. קאָן, ייִבּל XIII,
7־8. ,,די פּראָפּאָזיציע פֿון דעם 5טן טייל
פֿון דער עטיק...וואו אָט די א, ווערט לאָגיש
באַגרינדעט“, מ. ראַוויטש פֿאַש, l5 X l96l.

,

א ַ שטאַרבּל — אַדי. פּפֿ: ~
שטערבּעך
עך. וואָס האָט ניט די אייגנשאַפֿט צו
שטאַרבּן. אייבּיק. א'ע מלאָכים ־קייט.

.

או'משטאָרכען — טרוו. ־כע אום, ~
געשטאָרכעט. פּפֿ: ~שטורכען, לד.
שטאָרכען, שטויסן אין אַ צאָל ערטער. א, יענעם
מיט די עלנבּויגנס. ־עניש.
או'משטאַרצן — טרוו. שטאַרץ אום, ~
געשטאַרצט. פר, מעג: ~שטערצן ←.
אומוואַרפֿן, אומוואַלגערן. חרובֿ מאַכן. א, די פֿעסטע
מויערן. ,,און ער האָט אומגעשטאַרצט...די
רײַטוועגן פֿון פּרעה“, מחזור לשלש רגלים,
סלאַוויטע 1832, צג/א. ,,און עס איז אומגעשטאַרצט
און חרובֿ געוואָרן דער בּשן און דער כּרמל, דאָס
זענען פֿעטע ערטער,,, ישעיה, פּירוש

עבֿריטײַטש, לעמבערג 1877, לג, 9. [פֿרגל מיט די ציטאַטן בײַ אומשטערצן] ־ונג.

.

אומשטאַרק — אַדי. וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין סך כוח. מס פֿאַרטײַטשט ,שׂפּנים עם לא עצוס, (משלי, ל, 26): "קראָליקעס אַן א, פֿאָלק". ־רקייט.
אומשטודירט — אַדי. 1. ניט־געלערנט. גיטגעפֿאָרשט. קענען עפּעס א., ,,אַמער טוען מיר כל עבֿירות שכּעולם א, און הייסן נאָך חסידים,,, ייִל, דאָס משלחת, תּרל"ו. 2. פּאַר אומשטודירן ←. ־ערהייט — אַדוו.
אומשטודירן — טרוו. ־דיר אום, ~(גע)־שטודירט. שטודירן, באַטראַכטן, פֿאָרשן עפּעס פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, דעם גאַנצן ענין. ־ונג.
אומשטויס — דער, ־ן. אַקט פֿון אומשטויסן.
אומשטויסן — טרוו. שטויס אום, ~ געשטויסן. 1. שטויסן (קלאַפּן, שטופּן, זעצן) מע זאָל פֿאַלן. א, עמעצן פֿון די פֿיס. ,,און, דיא דא ביגערט האבּן דיא מויארן נידר צו ווערפֿן און, אום צו שטוסן מיט זײַנן הערנרן", יוסיפֿון, אַמשט 1661 ,,דער רבּי העטט מיך שיהר אומגעשטויסען", אַהרן וואָלפֿסזאָהן,

לײַכטזין אונד פֿרעממעלײַא, אַמשט 1798. „היט
מיך, גאָט, פֿון די הענט פֿון דעם רשע...די
וואָס טראַכטן אומצושטויסן מײַנע טריט,„ תּי,
תּהלים, קמ, 5. 2. בּטל מאַכן. „אונ, האבּ איין
נדר גיטאן דוא זאָלסט זײַן הקדש, נון דאַרפֿסטו

אומשטופּן

אײבּיג ניט פֿרייאן דען איך דאַרף מײַן נדר
ניט אום שטוסן,„, אַלכּסנדר סענדר עטתויזן,
בּית י□ראל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. מיט
ז י ך — קזוו. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.
אומשטופּן — טרוו. שטופּ אום, ~געשטופּט.
אומשטויסן, שטופּן אַהין און צוריק. מיט
ז י ך — קזוו. „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שפּיל?
מע שטופּט זיך נאָר אום,„, רייד. ־עכ□.
־עניש. ־ערײַ.
אומשטוקאַטורעט — אַדי. וואָס איז אָן
שטוקאַטור, אָן טינק. „נאָר אַפֿילו די...שיין
געבּויטע הײַזער שטייען אַוועק צו צענדליק
יאָרן א"", קמ, 12 '1868 No.
אומשטורעמען — אוטוו. ־רעם אום, ~
געשטורעמט. 1. אַ לענגערע צײַט זײַן אין

צושטאַנד פֿון שטורעם. בּושעווען, ווילדעווען.
דער ים שטורעמט אום. פּאָגראָמשטשיקעס
האָבּן דאָ אומגעשטורעמט. 2. פֿיג. אַ
לענגערע צײַט אַרויסרופֿן אַ סענסאַציע, בּרייטן
אינטערעס. די טרופּע שטורעמט אום איבּערן
גאַנצן לאַנד.
אומשטורץ — דער, ־ן. דטשמ. נר.
איבּערקערעניש, פּוטש. "אַ פֿאַרשווערונג צו
בּרענגען אַן א, אין סיריע„, ח. ליבּערמאַן, פֿאָר,
16 IX 1957.
אומשטותעווען — [...שטוס...] אוטוו. ־תעווע
אום, ~געשטותעוועט. אומפּלאַפּלען. זיך
מאַכן נאַריש. זיך אויפֿפֿירן נאַריש. א, אין דער
געזעלשאַפֿט פֿון מיידלעך.
אומשטהדיק — ..שע'טעכ..., שע'טאַכ...]
אַדי. אומבּאַגרענעצט אין שטח, וואָס איז
מחוץ שטח. „ווערסט אַליין אַן א'ער מענטש",
פֿריד־ווײַנינגער, אין אָפּקלײַבּ, 1957. ־יקייט.
אומשטײַגן — אוטוו. שטײַג אום, ~
געשטײַגט (~געשטיגן). 1. אַריבּערגיין (בּײַם
פֿאָרן ערגעץ) פֿון איין פֿאַרקער־מיטל צו אַן
אַנדערן פֿון איין וואַגאָן אין אַן אַנדערן.
—
,
„ס'איז אויסגעקומען א, צוויי מאָל„, שע]

היימיש, אַפּריל 2 .[1959. אַרכ. אַרויפֿהייבּן זיך,
אַרויפֿקלעטערן. אַרויפֿקריכן. „עשׂ איז אָסור
אום צו שטײַגן אויף איינם בּוים אַן שבּת,,,
לט1, 80/1. ־ונג. ־עניש.
אומשטיי'נס געזאָגט — אויסדרוק. פּפֿ
וואָס איז אָפּטער: מישטיינס געזאָגט.
< אום שטיינס [פֿאַרגליווערטער געניטי]
געזאָגט. אַלגעמיינער בּ: זאָל עס געזאָגט ווערן
אום (וועגן, אויף) אַ שטיין. [אַפּנים
אויפֿגעקומען אין דער ייִדיש—רעדנדיקער סבֿיבֿה,
בּאַווירקט פֿון: „שפֿך הקבּ„ה חמתו על העצים
ועל האבֿנים ולא שפֿך חמתו על ישׂראל,,,
איכה רבּה, ד — „גאָט האָט אויסגעגאָסן
זײַן גרימצאָרן אויף די העלצער און די
שטיינער און האָט ניט אויסגעגאָסן זײַן גרימצאָרן
אויף ישׂראל“.] 1. צום שטיין זאָל עס
אויסגיין; ניט דאָ געדאַכט, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט;
לא עליכם, לא עלינו. ווערט גענוצט בּײַם
רעדן וועגן אַן אומגליק, אַ צרה. טענדלאַו,
641: אום שטיינס (זאָל עס זײַן) געזאָגט.
„בּקיצ[ו]ר, ליבּה מעם [= מאַמע], זאָל איך
דיר שרײַבּן וויא עז מיר גיגנגין איז — אים

ש ט י י ן גיזא[ג]ט גנץ שוור גיגנגין,,, פּראָגב,
46. ,,פּעסיל בּמ״ט [= בּמזל טובֿ] גילעגין איז
אונ, האָט איין טאָכטר גיהט האָט, אַדר
[= אָבּע] איינה אום ש ט י י ן גיזאגט
ווידר איין היים גשיקט [= איז בּײַ איר
געשטאָרבּן]. רייכלה איז איר בּעו,,ה נפֿטר
גיווארן אַן בּלאָטרין [= פּאָקן],,, פּראָגב, 55.
,,א, ג', בּעוונותינו הרבּים, מיר זענען אַזוי
אויך געגוג זינדיק. ליגט איר נאָך אין קאָפּ
ליבּעס פֿירן?״, א. נוסבּאַוס, פּעסעלע די
גאַבּעטע, וואַרשע 1895.
2. אויך מיר אַ... ← אויך מיר. אויסדרוק
פֿון מבֿטל זײַן, צו פֿאַרמינערן דעם ווערט,
אַרונטערצומאַכן מיט דער האַנט. ,,א, ג, וואָס
ער ווייס שוין!״ ,,א, ג, — אַ מאַנספּאַרשוין!״
א, ג, זײַנע אויפֿטועג. א, ג, וואָס ער עסט
שוין — ער עסט ווי אַ פֿייגעלע. ,,וואָס מאַכט
דאָרט אונדזער גבֿיר? איז ער נאָך א, ג,
אַלץ מבֿולבּל, אָן אַ פּיצל כאַראַקטער,,, ממוס,
טאַקסע. ,,א, ג', זיי זײַנען אַזוינע פֿרעסערס
און האָבּן אַזוינע גרויסע אויגן״, ספּ,
גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,אַ סכסוך צווישן קהל

און שול־בעלי־בתּים...און ווער ליידט
דערפֿון? א, ג אַ שטיקל חזן,,, פּרץ, שטעט און
,

שטעטלעך. ,,זײַן אַרבעט א, ג, איז געווען
צו מאַכן פֿון גרויס פֿאַר קליין,,, מ. ווײַסמאַן,
פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש.
3. דזוו ב2, אָבער מיט באַדויערן, מיט אַ
רחמנות־געפֿיל. ,,וואָס איז דער מענטש, א, ג'?“
,,אַ מזל, א, ג'!“ ,,א, ג', וואָס קען איך דאָ
העלפֿן?,, ,,אויך מיר אַ בעל־מלאָכה! א, ג,
זײַנע כּוחות און זײַן קענטשאַפֿט,,. ,,באַגאַזש
א, ג'! וואָס פֿאַר אַ באַגאַזש איז
איבערגעבליבן די אומגליקלעכע?“, ספּ, ייִדישער
קאָלאַניסט. ,,קנעכט וואָס קריכן אויף די קניִען.
און אַז מע קריכט, יאָ, יאָ, א, ג,, ווי ווײַט קען
מען דערקריכן?“, סעג, קאַפּריזן.
4. טאַקע, באמת, אין־דער־אמתן; וואָס איז
דאָ צו זאָגן (רעדן). ,,סע גייט אַ סדרה הוצאות:
דעם קינד אַ פּאָר שיכלעך, דעם אַ רעקל, אַ
שאַלכל, אַ וואַרעם שטיקל בגד אַפֿילו לאַטעס
.
א, ג, קאָסט אויך געלט,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
,,וויל איך דען א, ג, דיך יאָגן?,,, ווײַס II, 'דער

איבערגאַנג'. „א, ג, וויפּל מע קאָן זיך שוין אויסרעדן אויף פּאַפּיר„, בּדיוו.

אומשטײַף — אַדי. ניט־שטײַף (אַבער אויך ניט אינגאַנצן ווייך, שיטער אע). או אָפּיציעל; וואָס איז אָן אַן אָנשטעל. א'ער גליוּוער. א'ע בּריסטן. א'ער אויפּנעם. א'ער קאָלנער. ־קייט.

אומשטימונג — די, ־ען. היפּוך פֿון מיטשטימונג, פֿון קאָנגרוענץ. 1. געשטערטע מיטשטימונג אין צאָל צווישן סוביעקט און פּרעדיקאַט, ווען דער סוביעקט איז אין מערצאָל און דער ווערב אין איינצאָל אָדער ווען דער סוביעקט איז אין איינצאָל און דער ווערב אין מערצאָל. „בּיידע מינים א, זײַנען פֿאַראַן אין ייִדיש...זײַנען פֿאַראַן געגוג פֿאַלן, ווען זיי זײַנען פֿולקום לעגיטים“, ימ, ייִשפּ IX, 24. דוגמאות: „חבֿרה לויפֿן„, רייד. „וואָס טויג דיר צוועלף וויַבעלעך?“, פּל. „גרויסע צרות איז דאָ“, ממוס. „פּיאַווקעס איז געלט„, שע. „עס איז מעשׂים בכל יום“, פּרץ. 2.

געאומשטעטיקייט

שטערטע מיטשטימוגג אין צאָל צווישן בּײַוואָרט און זאַכוואָרט. צוואַנציק מאַן. דרײַסיק

מײַל. הונדערט יאָר.

אומשטימיק — אַדי. 1. וואָס איז ניט בּהסכּם. זײַן א'. 2. וואָס ווערט אַרויסגערעדט אָן דעם ציטערן פֿון די שטימבּענדער. א'ער קלאַנג. פּ, ק, ט — זײַנען א'. „פֿאַרוואָס עפּעס בּײַטן בּלויז 'עקזיסטענץ„ 'עקזיססירן, און ניט אַנדערע וואָקאַבּלען וואו עס טרעפֿן זיך צונויף דער א'ער ק מיטן שטימיקן ז?“, א. זאַקוסקי, ייִשׁפּ XXI, 3. 3. אַרכ. אומרואיק, טומלדיק, שטורעמדיק. —יקייט — „און שטימיקייט דעשׂ מעהרס...“, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט 1734. „רעדוצירן די א'ן און מוטוויליקייטן בּיז אַ מיגימום„, מוו, ייִשׁפּ IX, 4.

א טימען — אוטוו. שטים אום, ~ געשטימט. שטימען גאָכאַמאָל, פֿונדאָסגײַ; איבּערשטימען. א', ווײַל ניט אַלע האָבּן געהערט דעם פֿאָרשלאָג.

אומשטינקען — אוטוו. שטינק אום, ~געשטונקען. שטינקען אַ לענגערע צײַט, אין פֿאַרשיידענע ערטער. א, און אָנשטינקען אין אַלע צימערן. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אומשטיפֿן — אוטוו. שטיף אום, ~געשטיפֿט.

שטיפֿן אַ לענגערע צײַט, אויף פֿאַרשיידענע
אופֿנים, אין אַ צאָל ערטער. א, בעתן לערנען.
א, אין שולהויף. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אומשטירצן — טרוו. שטירץ אום, ~
געשטירצט. דטשמ. נר. אומשטאַרצן, אומשטערצן
←. אומוואַרפֿן; חרובֿ מאַכן. א, די רעגירונג.
„אַ שטאַרקער ווינט קען א, אונדזער גאַנץ
געבײַ“, ארז, קמ, 39 1864, No. „ער וועט
דעם סעמפּל א, אין בראַנד“, אַל III. ־ונג.
־ער, ־ס.

אומשטעטיק — אַדי. M□d□: un־staetie.
1. ניט־סטאַבּיל; ניט־געזעצט. בײַטעוודיק. אַן
א'ער מצבֿ. „...דאַהער האָט מען מיט קיין זאַך
ניט צו שטאָלצירן אויף דיזער א'ע וועלט“,
אמד, בן פּדק, ווילנע 1865. 2. אַרכ. דזוו
אומקײַש ←.

אומשטעטיקונג — די, ־ען. אַקט אָדער
פּראָצעס פֿון אומשטעטיקן. „וואשׂ איז דער
שלום דז ער זאָל גירייכין בּיז דיא
אומשטעטיגונג, הורירייא — איזבֿל דײַן מוטער
און, איר צויבּערייא דיא פֿיל זײַן„, סהמ,
מלכים בּ, ט, 22. [תּי: „בײַ די זנותן פֿון
דײַן מוטער איזבֿל□].

אומשטעטיקייט — די (דאָס), ־ן. אַרכ. דזוו

אומקײַשהייט ←. זנות(עריַי). סהמ פֿאַרטײַטשט 'תּשפּכי את תּזנותיך על כּל עובֿר, (יחזקאל, טז, 15): ,,פֿר גאָסן דײַן אום שטעטקייט אויף איטלכם דר דא איז איבּר פֿאַרן,,. בּאר התּורה פֿאַרטײַטשט 'זנותכם, (בּמדבּר, יד, 33): ,,איַיער א',. ,,גאָט ית, האָט פֿײַנט אונשטעטיגקייט,,, בּראַנט. ,,ער ניט זאַל זעהין בּרמה (מיני זנות ומיני ניאוף) אום שטעטיגייט און, אום קײַשונג", נצ1, בּמדבּר, טז/ד.

אומשטעטיקן

אומשטעטיקן — אוטוו. ־טיק אום, ~ געשטעטיקט, (געאומשטעטיקט). אַרכ. מזנה זײַן. מ t פֿאַר וײַטשט 'זנתה תּמר, בּראשית, לח, 24): "זי האָט און גשטעדיקט". ,,זי הוט גיאונשטעטיגט תּמר דײַן שנור", טח, בּראשית, לח, 24. ,,אַזוי איין זאמן דז דר זכר טוט אום קיישן און, די נקבֿה טוט אום שטעטיגן", סהמ, ישעיה, נז, 3. 'זנו אַחרי אלהים אַחרים, (שופֿטים, בּ, 17) פֿאַרטײַטשט סהמ: ,,האבּן אונגישטעטיגט נאָך פֿרעמדי געטיר,,.
אומשטעטיקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער עס איז מזנה. בּאר התּורה פֿאַרטײַטשט

'הנואף, (ויקרא, כ, 10): א'. מסז פֿאַרטײַטשט
'הכזונה יעשׂה את אחותנו, (בּראשית, לד, 31):
,,אוב אַז איין אונשטעטיגרן...‘‘. ‘‘דוא זאָלשׂט
ניט אונקיישן, עז זײַא איין בּתולה איין אַלמנה
איין גרושה, היישׂט זיא דיא תּורה איין
אונשטעטיגרין‘‘, בּראַנט. אויך: ~שטעטערין.
,,ער אַכטט זיא צו איינר און שטעטרין ווען
זי הוט בּידעקט איר ענצליט‘‘, טח, בּראשית,
לח, 15.
אומשטעכיק — אַדי. ניט־שטעכיק (אָבּער
אויך ניט אינגאַנצן גלאַט, אָן אַ שפּיץ אע).
א'ע גראָזן. א'ע שטעכווערטלעך. ־יקייט.
אומשטעכן — טרוו. שטעך אום, ~געשטאָכן.
1. אַ לענגערע צײַט אָדער אויף אַן אַנדער
אופֿן שטעכן. א, און מאַכן ווי אַ זיפּ. א,
מיט אַ מעטער. 2. אַרומשטעכן. א, מיט
שפּילקעס. ־עניש.
אומשטעכן זיך — ← דפּוו. קזוו.
אַרײַנזאָגן איינער דעם צווייטן (עס זאָל ווײי טאָן).
אומקיבּעצן זיך. ,,דאַכט זיך פֿרײַנד, אָבּער מע
האַלט נאָר אין איין א, זיך,,, רייד.
אומשטעל — דער, ־ן. אַקט פֿון אומשטעלן.
איבּערשטעל. אומבּײַט, שינוי; אומגעשטאַלטונג.
,,פֿונאַנדערוויקלען פֿאַר אונדזערע אויגן דעם

גרויסן א, און אויפֿבוי“, 1o יאָר ייִדישע קאָמערץ־גימנאַזיע אין קאונאַס, 1936.

אומשטעלונג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אומשטעלן. אַרויפֿגעצוואונגענע א'.

אומשטעלן — טרוו. שטעל אום, ~געשטעלט. 1. איבערשטעלן. א, דאָס מעבל, בײַטן די ערטער. א, דעם מאָטאָר. א, די וואַגאָנען. 2. געבן (איבערפֿירן צו) אַ נײַעם מעמד פֿאַך, פּראָפֿעסיע.

,

,,מע האָט געפּרוּווט די...מענטשן א, — אויסלערנען זיי עפּעס אַ נײַע...אַרבעט“, דא, פֿאָר, 17 1961 I. ־עכ ן. ־עניש.

אומשטעמסלען . טרוו. ־פּל אום, ~ געשטעמפּלט. אַ לענגערע צײַט אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן שטעמפּלען. א, דאָקומענטן. ־ונג. ־עניש.

או'משטענדיק — אדי. וואָס איז פֿון אַן אומשטאַנד; וואָס האָט אַ שײַכות צו אַן אומשטאַנד. געוויינלעך: א ו מ ב אַ ק ו ו ע ם. וואָס איז אָדער מאַכט שווער, שלעכט. א'ער מצבֿ. אַן א'ער מענטש. [פֿרגל אומשטענדלעך]. ־יקייט — שווערער מצבֿ. ,,...דיא אום שטענדיקייט האָט ער פֿר צילט, דשׂ דר פֿאטר פֿון דשׂ קינד וואַר איין ארמיר“, שאַר, קלו/ב.

או'משטע'נדיק — אַדי. ניט־שטענדיק. אַן א'ע, אומגלײַכמאָסיקע באַוועגונג.
אומשטענדלעך — אַדי. 1. לר, זאַמעט. באַלעסטיקנדיק, שווער מאַכנדיק. "די עלטערן זײַנען אַזוינע א'ע — באַקלאָגט זיך אַ פּופּצניאָריקער", ימ איבּז, ייִנגל און מיידל. 2. וואָס איז מיט אַלע אומשטאַנדן, מיט פּרטים. „וואָלטן איך געוואָלט וויסן א, די געשיכטע פֿון דער תּלמוד־תּורה", קמ, 1867, No l6. „ווען אַפֿילו עס וואָלטן פֿאַר דעם יאָ טעכנישע, א'ע מעגלעכקייטן געווען", ש. צ. זעצער'...דיני ממונות און דיני נפֿשות, נ"י 1934 ־קייט.

.

אומשטענדן — די. מצ. ← אומשטאַנד. אָפּט געניצט, בּעסער ניצן אומשטאַנדן. וואָס זײַנען די א'? „ליפּע איז...תּמיד פֿריילעך, אַפֿילו ניט אין די גוטע א'ן„, ממום, שלמה. „וואָס מער איך האָב מיך פֿאַרטיפֿט אין די א'ן און דעם לעבן...„, זשיט XI, נ"י 1912. „זײַן ווידוי, וועלכע איז אַפֿילו אין די ביטערע א'ן געווען נישט אומאינטערעסאַנט",

אַמעריקאַנער, 29 IX 1961. בײַ הײַנטיקע שלעכטע
א'ן. *אונטער די א'ן = בײַ די אומשטאַנדן
[באַזונדערש אָפֿט אונטער דער השפּעה אויך
פֿון ענגליש].
*זײַן אין אַנדערע א'ן = זײַן שוואַנגער.
אויך: זײַן אין דעליקאַטע א'ן. „דער
טאַנצמײַסטער האָט זי איבערגעלאָזט אין אַנדערע
א'ן“, אַקערמאַן, טמז, 7 II 1959. [אַרכ:
אומשטענד. „אַליש איך מיט אים גירעט האב
אונ, אים אַלי אום שטענט פֿאַרציילט האב“,
גה, 197.]
אומשטענדער — דער. מצ ווי אצ. אַרכ.
ווער עס געפֿינט זיך, שטייט דערבײַ (בײַ
עפּעס אַ פּאַסירונג). „זאָ דיזור דער מײַנשׂטר
הערית, זאָ ווײַזט ער אלי אום שטענדר דז
דוש קניא בונד רעכט גמאלט זײַא...„ ר, בער
אײבשיץ, 'כ"י באר שבֿע', (1742?) [צינ, תּולדות
ספֿרות יִשׂראל].
אומשטעפּן — טרוו. שטעפּ אום, ~געשטעפּט.
1. אַ לענגערע צײַט אָדער פֿונדאָסנײַ, אויף
אַן אַנדער אופֿן שטעפּן. איבערשטעפּן. א, די
קאַנטן פֿון אַ כאָלעווקע, אַ קאַמאַש. 2.
אַרומשטעפּן, א, אַ קאָלדרע.
אומשטעקן — טרוו. שטעק אום, ~געשטעקט.

אַרומשטעקן. א, די האָר מיט שפּילקעלעך און
קעמעלעך. (אויסשמירן מיט סמאָלע און) א,
מיט פֿעדערן. ־עניש.
אומשטערבלעך — אַדי. דזוו
אומשטאַרבלעך. א'ע געטער. א, מײַסטערווערק. א'ער
נאָמען. „דאָס געדיכט איז געבליבן א, אין
די מוחות פֿון זײַנע קענער", א. האַרקאַווי,
'פֿאָרווערטס, [מר I, נ„י 1908]. „אַ וועלט! אַן
א'ע, בליִענדע וועלט„, ש. פֿרוג I, נ„י 1910.
„קענסט א'ע ניט טייטן„, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.
„א, טוט פֿאַר אים שפּילן אַלץ וואָס אין
טרוים פֿלעגט ביז אוממאַכט אַנטציקן",
אַל II, 'יום שכולו שבת'. ־קייט — „אינעם
גאָסצינעץ פֿון ערלעכקייט איז לעבן, דאָרט
אַרום איז טאַקע דער וועג צו א',„ מס, משלי,
תּקע„ד, יב, 28. „די וועלט קרוינט זיי מיט

אומשטריקן

לאָרבערקראַנצן פֿון רום און א'", ד.
עדעלשטאַט, שריפֿטן, לאָנדאָן l909.
אומשטערצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומשטערצן. „עס ווערט דער
וועקט זײַן פֿלייש פֿון דען אונשטערצונג און,

פֿון דיא ייִסורים פֿון זײַן קרנקייט,,, סהמ,
איובֿ, לג, 25.
אומשטערצן — טרוו. שטערץ אום, ~
געשטערצט. פּפּ: ~שטאַרצן. אַרכ. אומוואַרפֿן,
אומוואַלגערן, חרובֿ מאַכן. איבּערקערן. מ t
פֿאַרטײַטשט ,וינער ה, את מצרים בּתוך הים,
(שמות, יד, 27): ,,אונ, ער אום שטערציט"
[תּי: ,,האָט אַרײַנגעטרייסלט]. ,,און ער האָט
אום גשטערצט פּרעה אונ, זײַן היר אין דאשׂ
מער סוף,,, בּרכת המזון (הגדה של פּסח),
אַמשט 1723. "עשׂ איז אום גישטערצט גיוואָרן
דר בּשן אונ, דר כּרמל, כּלומר ישׂראל,,, סהמ,
ישעיה, לג, 9. ,,(נחל) דער בּאך (קישון
גרפֿם) האָט אום גישטערצט זיא", סהמ,
שופֿטיס, ה, 21. ,,זאָל ער דען קאָרבּ אום שטערצן,
דשׂ אַלשׂ מיט אַננדר הרוישׂ פֿאַלט,,, לט1,
עא/ב. ,,אין איין אויגן בּליק טוט גאָט אַלשׂ
אום שטערצין", ח, 1723.
אומשטראַליק — אַדי. וואָס גיט ניט אַרויס
שטראַלן. א'ע כעמישע עלעמענטן.
- ייִט.
ײ

אומשטראָמען — אוטוו. שטראָם אום, ~
געשטראָמט. 1. אַ לענגערע צײַט פֿליסן, רינען
מיט כּוח. שטראָמען איבּער אַ צאָל ערטער.
א, ווי פֿרילינגדיקע וואַסע□רן. 2. זיך בּאַוועגן
הין און צוריק, אָן אָפּשטעל, אין גרויסע
צאָלן. דער המון שטראָמט אום איבּער די
גאַסן. ־ונג.
אומשטראָפֿבּאַר — אַדי. דטשמ. נר.
אומ(בּאַ)שטראָפֿלעך ←. ־קייט.
אומשטראַפֿירט — אדי. געבּליבּן אָן אַ
(געלט)שטראָף. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אומשטראַפֿלעך — אַדי. דזוו
אומבּאַשטראָפֿלעו ←. א'ע זינד. ־קייט.
אומשטרײַטבּאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
מע קען ניט שטרײַטן קעגן דעם.
אומבּאַשטרײַטלעך. דער א'ער אמת. „א'ער דין„,
טמן, 3□19 □ 2.
אומשטרײַטיק — אדי. זיכער, ריכטיק.
אומבּאַשטרײַטלעך. דרייזין ווב.

□

אומשטרײַטן — אוטוו. שטרײַט אוס, ~

געשטריטן (~געשטרײַט). 1. אַ לענגערע צײַט
פֿירן קריגערײַען, וויכּוחים. א, גאַנצע נעכט
איבער אַ קוצו של יוד. 2. פֿירן א מלח􏰀ה
(באַ)קעמפֿו. „ווערט ער ווידר אום שטרײַטן
קיגן דיר...“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. ־ונ􏰀.
־עכץ. ־עניש.
אומשטדיכלען — טרוו. ־כּל אום, ~
געשטריכלט. מאַכן שטריכעלעך, באַשטריכלעו
פֿון אַלע זײַטן. א, די קאָנטורן. ־עניש.
א טריקן — טרוו. שטריק אום, ~
געשטריקט. 1. איבערשטריקן. צענעמען
פֿעדעמווײַז און א'. 2. אָרומשטריקן. א, דעם
שאַליקל מיט זילבערנע פֿעדעם. 3. אַ לענגערע

אדמשיט

צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט שטריקערײַ־ אָדער
פֿלעכט־אַרבעט. א, וואָלענע שאַליקלעך אע.
־עכ􏰀1. ־עניש.
אומשיט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אומשיטן.

1. אויסשיטן פֿאַרשיטן אין אַ צאָל ערטער.

אומשיטן — טרוו. שיט אום, ~געשאָטן.

,

טראָגן זעק און א, מעל. 2. אָרומשיטן. א,
די טרע, די טראָטואַרן מיט זאַמד (אַש,
זאַלץ). 3. איבערשיטן. א, די פּערענעס.
4. אַרכ. איבערקערן. ״איין קעכין האָט אם
פֿרייטאג צו נאַכט איין עשׂן אום גישיט...,,,
בראַנט. ־ונג. ־עניש.

אומשיידבאַר — אָדי. דטשמ. נר. דזוו
אומצעשיידלעך ←. ,,זײַנע ביכער...זעגען אַן
א'ער חלק פֿון אונדזער פֿאָלקסשאַץ", רעד,
היימיש, דעצ, 1960.

אומשייכריק — [...שײַעכ...] אַדי. וואָס
איז (געפֿינט זיך) ניט אין שײַכות, פֿאַרבינדונג,
אָנגעהעריקייט מיט (צו) עפּעס, צו אַן ענין.
עטלעכע א'ע פֿראַגעס. ־יקייט.

אומשײַכות — [...שײַכעס] די, ־ן. דאָס ניט
זײַן פֿאַרבונדן (געקניפּט) מיט אַן אַנדער
פּערזאָן אָדער דערשײַנונג. דאָס וואָס איז ניט
אין דער ריי פֿון סיבה און רעזולטאַט. די
א, צווישן דער מאָראַל פֿון קינסטלער און
זײַן ווערק.

אומשייכותדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ

--

שײַכות צו עמעצן אָדער עפּעס. א'ע
פּאַסירונגען, דערשײַנונגען. „איצט זאָג אַליין, איז
פֿאַראַן נאָך אַזאַ א, בּאַשעפֿעניש ווי אונדזער
ווײַסע קאַץ אויף גאָטס געבענטשטער ערד„,
הר, פֿאַרנאַכט. ־יקייס.
אומשיילן — טרוו. שייל אום, ~געשיילט.
1. אַרומשיילן. א, קאַרטאָפֿל. 2. איבּערשיילן.
א, די מערן פֿאַרן אַרײַנלייגן זיי אין טאָפּ.
־עכץ. ־עניש.
א ייִן — אַדי. 1. ניט־שיין. אומעלעגאַנט
. ניט־לײַטיש, ניט־פֿײַן, אומאָנשטענדיק. א'ע
אָבער ניט אינגאַנצן מיאוס). א'ע קליידער.

מעשׂים. ־קייט — „אַלע ווייטיקן און אַפֿילו
אַלע א ן פֿון הײַנט“, אַבֿ, שולמאַן פֿאָר,

,

15 1964 .III
אומשײַנען — אוטוו. שײַן אום, ~געשײַנט.
1. אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבּן ליכט. די זון
שײַנט אום דעם גאַנצן טאָג. 2. אומפֿינקלען,
אומגלאַנצן. די געפּוצטע שטיוועלעך שײַנען
אום ווי שפּיגעלעך. דאָס פּנים שײַנט אום ווי
נאָכן אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס. זײַן

נאָמען וועט א, אויף דורות.
אומשײַערן — טרוו. ־ער אום, ~געשײַערט.
פֿון אַלע זײַטן אָדער אַ לענגערע צײַט שײַערן, רײַבן און רייניקן. איבערשײַערן. א, די לײַכטערס, די קופּערנע פֿאַנען.
אומשיבורן — [...שיקערן] אוטוו. שיכּור אום, ~געשיכּורט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט טרינקען אַלקאָהאָל־געטראַנקען בּיזן פֿאַרלירן די ניכסערקייט. א, און זיך אומוואַלגערן אין רינשטאָק.

673

אומשיכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומשיכטן. „די פּראָיעקטן וועגן וויסנשאַפֿטלעכער א, פֿון די פּוילישע ייִדן„, ע. רינגעלבלום, ייִבֿל XIII, 1־2. „אַן א'־קאָמיסיע וואָס איר אויפֿגאַבע איז געווען אײַנצוגלידערן יוגנטלעכע...אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן„, ישעיה טרונק, לאָדזשער געטאָ.
אומשיכטן — טרוו. שיכט אום, ~געשיכט.
1. איבערפֿירן אין אַן אַנדער סאָציאַלער גרופּע. „די 'אָרט'־בּאַוועגונג וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אומצושיכטן די דעקלאַסירטע ייִדישע עלעמענטן פֿון מזרח־איראָפּע“, דטש,

ווילנע. 2. איבערשטעלן, בײַטן גרופּעס בײַ אַן
אַרבעט. א, די נאַכט אַרבעטער אויף

טאָגאַרבעט.
א ילדערן — טרוו. ־ער אום, ~
געשילדערט פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן, אַ לענגערע צײַט
.
אָדער פֿונדאָסנײַ, אַנדערש שילדערן, מאָלן. א,
די שלעכטע (גוטע) לאַגע פֿון די נײַ־געקומענע.
־ונג.
אומשילטן — טרוו. שילט אום, ~געשאָלטן.
כּסדר שילטן, שילטן אַ צאָל, אַלעמען.
אַרומגיין און א, די גאַנצע וועלט.
א יסן — אוטוו. שיס אום, ~געשאָסן. אַ
לענגערע צײַט שיסן. „אַפֿילו ווען די נײַע
מאַכט האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרפֿעסטיקט,
האָט מען נאָך אַלץ אומגעשאָסן אויף די גאַסן“.
פֿיג. א, מיט שטעכיקע ווערטער. ־עניש.
־ערײַ.
א יפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~געשיפּעט.
אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן שיפּעדיקע
קלאַנגען. א, ווי אַ שלאַנג. ־עניש.
אומשיפֿלען זיך — אוטוו ־פֿל זיך אום,

.

זיך ~געשיפֿלט. אַ לענגערע צײַט אַרומפֿאָרן
אויף אַ שיפֿל. א, זיך איבערן טײַך אין די
זומערדיקע חדשים.

אומשיפֿדירט — אָדי. 1. וואָס איז ניט
אונטער (מיט) אַ שיפֿער. שיקן א'ע צירקולאַרן.
2. וואַס דער שיפֿער איז ניט אויפֿגעדעקט.
אַן א'ער געהיימער דאָקומענט ־קייט.

.

א יצלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט שיצן. אַן א'ע פּאָזיציע. ־קייט.

אומשיקלעך — אַדי. 1. אומפּאַסיק,
אומגעראָטן. אומטויגלעך. אומצײַטלעך. טאָן עפּעס
א'. „ווי א, (ניעזגראַבנע) זײַנען פֿאַרפֿאַסט
די תּחינות„„ אמד, דעך שבֿעיס מאָלצײַט,
ווילנע 1877. 2. נעאַל. וואָס מע קען ניט שיקן.
אַ שלעכט אײַנגעפּאַקט א, פּעקל ־קייט,

.

ראָכקינד־שקליאַר ווב.

אומשיקן — טרוו. שיק אום, ~געשיקט.
אָרומשיקן. א, פֿון איינעם צום צווייטן. ־עכץ.
־עניש. ־ערײַ.

אומשכיהדיק — [...שכי'אַכ..ּ] אַדי. זן. תּח.
וואָס איז ניט בנמצא, וואָס טרעפֿט זיך ניט.

זיך אַרײַנפּלפּולן אין א'ע זאַכן.

אומשלאָג — דער, ־ן. [פּפֿ: ~שלאַג, נ□] ← אומשלאַק. 1. טוך, טיכל, קאָמפּרעס וואָס מע לייגט צו (נאַסערהייט, וואַרעמערהייט צי קאַלטערהייט) צו אַ געשווילעכץ, בײַל, וואונד.

אומשלאַג־פּלאַץ

אַן א, צו אַ בײַל אויפֿן שטערן. „אַלע אַכט שעה צו געבן אַ קאַלטן א, אויף דעם אָרט וואו עס שטעכט אים", א. י. שפּערלינג, ליקוטים II (טעמי המצוות), לעמבערג תּרס„ט. „אומצייליקע מאָל איז זי אין דער קיך געשטאַנען מיט [אַ] נאַסן א, אויף איר קאָפּ", ר, יוסף מרדכי גינצלער, חזון ישעיה, טארנא (סלאָוואַקײַ), 1929. 2. (שנײַדערײַ) פֿאַרבייג, אָפּלייג, אײַנבייג. אַרבל־א'. „דערנאָך האָט דער סטאַראָסטע אַרויסגעכאַפּט אַ בלײַפּען פֿון אַרבל־א'„, זש. 3. דאָס וואָס איז אַרומגענייט, אַרומגענומען אַרום עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט באַקליידונג. אַן א, אויפֿן הוט. אונטן קומט נאָך אַן א, אויפֿן קלײדל. 4. ווייכער אײַנבונד. „ליגט אַ קליינטשינקע בראָשורע אין אַ רויטן א'", אַלגעמיינער אידישער אַרבײַטער

בּונד, דער פּועלי־ציוניזם, זשענעוו 1905.
אומשלאָג־אײַזן — דער, ־ס. 1. קאָוואַדלע. שווערער שטיק אײַזן (צוגעפּעסטיקט צו אַן אָפּזעגעכץ פֿון אַ גראָבן קלאָץ), אויף אים ווערט געשמידט אײַזן, שטאָל אע. אָפּקאָוועץ אַ פּאָדקעווע אויפֿן א'־א'. 2. ספּעצ אַזאַ קאָוואַדלע וואָס ווערט גענוצט צו בייגן בלעכן. פֿמב.
אומשלאָגן — טרוו. שלאָג אום, ~געשלאָגן. 1. אַ לענגערע צײַט שלאָגן, קלאַפּן. א, עמעצן אָן אַן אויפֿהער. א, כּפּרות. „איז דאשׂ דער טעם דאשׂ מן אַן (ערבֿ יום כּפּור כּפּרות) אום שלאָגט„, ספֿר מע״ה השס, 1696 [אַווע III].
2. אַרומשלאָגן, באַקלאַפּן פֿון אַלע זײַטן אַרום און אַרום. „איין וואגין דר גמאַכט וואַר אויף פֿיר האָלציני רעדר די אום גשלאגן וואַרן מיט אײַזר אונ, וואול פֿר נאגלט...“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. „מן מוז די מיל וואול ביהויאן אונ, מיט ווײַסן לײַליך אום שלאגין דז דשׂ יום־טובֿ מעל ניט אַן רירט אם חמץ קאַשׂטן„, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ג/א. „וועץ גאָט פֿאַר זייא אין דער נכט איין וואגין זאָלט אום שלאגין וועהר עשׂ יוא אייטיל האַלז ברעכין ערביט [= האַלדז־ברעכערישע

אַרבּעט]...,,, גה, 103.

3. מאַכן אַן אומשלאָג, בּ2. אין מ▯ 49/2 I ווערט פֿאַרטײַטשט 'תּסרה על אַחרי המשכּן, (שמות, כו, 12): ,,זאָלשׂטו אום שלאָגן,, [תּי: ,,זאָל אַראָפּהענגען אויף דער הינטערשטער זײַט..."]. 4. ארכ. לאָזן אין אומגאַנג. אינוועסטירן. ,,נעם אַן איין קליינן גיווין, אונ, שלאָג דאז געלט ווידר אום, צו קאַפֿין אַנדרי סחורה", צנכט. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

אומשלאָגן זיך — קזוו. ← דפֿוו. אַ לענגערע צײַט שלאָגן איינער דעם צווייטן. א, זיך ווי די הענער. ,,...האָט זיך מיט זיי אומגעשלאָגן אַ גאַנצע האַלבּע שטונדע", אמד, די דרײַ לאַנגע ווינטערנעכט, וואַרשע 1876.

אומשלאַג־סלאַץ — דער, מצ ־פּלעצער. < דײַטש. ,,פּלאַץ לעבּן וואַרשעווער געטאָ (אויף סטאַווקי־גאַס), וואו מע האָט אין די יאַרן 1940־1941 געבּיטן "ייִדישע" סחורות אויף ,,אַרישע,,. אין די יאָרן 1942־43 האָט מען דאָרטן צונויפֿגעזאַמלט ייִדן פֿאַרן פֿאַרלאָדעווען זיי אין די וואַגאָנען וואָס האָבּן געפֿירט אין

אומשלאָנדערן

טויטן־לאַגער טרעבלינקע, קלענערע גרופּעס
אויז קיין מײַדאַנעק, טראַווניק און פּאָניאַטאָוו.
אין שעדלעץ האָט מען אַזוי גערופֿן דעם
אַלטן בית־עולם וואו ס'פֿלעגן פֿאָרקומען די
אַקציעס. אויך אין אַנדערע שטעט זענען
געוועזן א'־פּלעצער„, בלו□, ייִשפּ I□י2 ,X. „א'־פּ,
— אַן אומגליק און אַ שלאַק זאָל זיי טרעפֿן,
די ייִדישע פּאָליציי“, י. קצנלסון, פּנקס ויטל,
תּ"א, תּש"ז. „דעם דריטן טאָג פֿון דער אַקציע
בין איך געגאַנגען אויפֿן א'־פּ, וואָס האָט זיך
געפֿונען אויף ניזקאַ־גאַס. דער א'־פּ, האָט
מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גיהנום“, פֿגעז, פּאַריז
No. 3, 1949. „דעם 4טן מײַ 1943 האָט ער
זיך געפֿונען אויף דעם א'־פּ, אין וואַרשע„,
א. אלפּערין, אַמעריקאנעך, 18 □י III 1961.
אומשלאָנדערן — □וטוו. ־ער אום, ~
געשלאָנדערט. אויך: ~שליאָנדערן. אַרומגיין
אָן אַרבעט פּוסט־און־פּאַס. א, איבער די גאַסן,
שלאָגן בײַדעקעס. אויך מיט ז י ך — „א,
זיך אין שטוב מיט אַ ווײַסן ציעפּציקל און
שלאָפֿשיך„, חובֿבֿ, איין נײַע מעטאָדע ווי גיך
קראַנק צו ווערדען, ווילנע 1883. ־ניש.
אומשלאַפּען — אוטוו. ־פּע אום, ~

געשלאַפּעט. אומטאָפּטשען מיט שווערקייט. א, איבער

לאָ

— דער, ־ן. נעאָל. פּרוּוו צו
די בלאָטעס. ־עניש.

א

פֿאַרבײַטן שלאָפֿלאָזיקייט. דאָס (לײַדן פֿון) ניט קענען שלאָפֿן. לײַדן אויף א,, ליגן אין בעט

לאק

— דער, מצ ~שלעק. אַרכ. דזוו
ניט קענען צומאַכן אַן אויג.

או —

אומשלאָג ←. מסז פֿאַרטײַטשט 'וסרח העודף, (שמות, כו, 12): ,,און, דער אום שלאַק דער
דא איז איבריג,, [תּי: ,,דער אַריבערהאַנג].
,,מוז מן אום איין אום שלאַק מאַכין איבר די אָהרין [= אויערן]“, סור II. ,,...מיט גרושׂי היט אודר דיא אומשלעק פֿון דיא הויבן וואַרן גיפֿרבט“, סהמ, יחזקאל, כג, 15. ,,האָט ער קאפּף וויא טאָג דער בייא...זאָ מאַך אין דען אום שלאַק“, ר, משה הרופֿא מק“ק מעזריטש הסמוך לבריסק, ירושת משה, [
ווילהרמרשדאָרף] 1677.

אומש — אוטוו. ־כץ אום, ~געשלוכצט.
פּפֿ: כצען. אומכליפּען. א, פֿון צרות.
־עניש.

אומשלום — [...שאָלעם] דער. מצ נבֿ. מצבֿ
אָן אמתן שלום. תּי אויף 'כּי לא שלום ידבּרו,
(תּהליס, לה, 20): ,,וואָרעם א, ריירן זיי‘‘. ,,דו
ווּעסט זיך ניט ווּעלן פֿאָלגן...ווּעט דיר חלילה
בּרענגען אַן א, און איך ווּעל דיר פֿײַנט קריגן,,,
צאינה וראינה, נ‘‘י תּרע‘‘ג. ,,צווישן דעם פּאַפּסט
...און צווישן דעם קייזער וואַר אימער אַן
א',,, אמד, דער גואל, ווילנע 1866. ,,מחמת
א, איז די הויפּט־מניעה צום ווידעראויפֿבּוי
פֿון היימלאַנד‘‘, בּ. ריווקין, אַ גלויבּן פֿאַר

אומשלומפּערן — אוטוו. ־ער אום, ~
געאומגלייבּיקע ־דיק — אַדי.

.

שלומפּערט. פּפֿ: ~שליומפּערן. אַרומגיין
(אָן אַ ציל) ווי אַ שלומפּער. א, איבּער די גאַסן.
אומשלוקערצן — אוטוו. ־ערץ אום, ~
געשלוקערצט. אַ לענגערע צײַט שלוקערצן,
איקען, היקען. א, פֿון אויפֿרעגונג. א, ווי אַ שיכּור.

אומשל אַיען זיך — אוטוו. ־יע זיך אום,
׳
זיך ~געשליאַיעט. סל. אומשלאָנדערן ←.
זיך אַרומשלעפּן. א, זיך מיט מוידן, מיט
שקצים. ־עניש.
אומשליטלען — טרוו. ־טל אום, ~
געשליטלט. אַרומפֿירן שפּאַצירן אויף אַ שליטל.
א, די קינדער אינעם זוניקן דרויסן. אויו
מיט ז י ך — אוטוו. סתּם אַזוי, אָן אַ ציל.
אומשלײַדערן — טרוו. ־ער אום, ~
געשלײַדערט. 1. אומוואַרפֿן (מיט כוח). א,
כלים. „די מאָדע פֿון א, טראָנען און האַקן
געקרוינטע קעפּ איז שוין לאַנג אַוועק“, בּ.
שעפֿנער פֿאָר, 2 .12 1963 X. אַנידערוואַרפֿן;
׳
אַרומוואַרפֿן. „...האָבן אים געוואָרפֿן אויף דעם
פּאָל און האָבן אים אומגעשלײַדערט ווי אַ
האָלץ“, זלמן בער וואלפֿטרובֿ, דער הספּד אויף
די אַדעסער קרבּנות, אַדעס 1906. ־ונג.
־ניש.
אומשלײַדערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסוווײַזן כּעס, קאַפּריזן. זיו וואַרפֿן הין און

צוריק. א, זיך מיט עמעצן ווי מיט אַ שמאַטע.

א לײַען (זיך) — ← אומשליאַיען זיך.

„איר קאַטאַיען זיך קיין כאַרקאָוו און דאָס א, זיך דאָרט אין די קלובן, אויף מאַסקאַראַדן... טפו!“, פ. ה. מאַלײַ, אין דער פינסטערניש, אַדעס 1898. „נאָר קינדער האָבן גרויס חשק צו זען מיט די אויגן...וואָס דאָרטן טוט זיך, א, צווישן די גוראַלנע־קאָרפּוסן...און קוקן אויפן אַרומיקן האַוען„, בערג, בײַם דניעפּער I. ־עניש.

אומשלייפן — טרוו. שלייף אום, ~געשלייפט.

1. אַרומבינדן מיט שלייפן. א, די אַרבל.

2. צענעמען שלייפן און זיי אויסבינדן אויף אַן אַנדער אופן. א, די ניט־געראָטענע שלייפלעך.

א לײַפן — טרוו. שלײַף אום, ~געשלײַפט, ~געשליפן. אַ לענגערע צײַט, פון אַלע זײַטן אָדער פונדאָסנײַ שלײַפן. א, די שערן ־עניש.

.

אומשלימות — [...שליימעס] די (דאָס), ־ן. דאָס וואָס איז ניט פולקום, ניט פּערפעקט.

א, פון א ווערק ־דיק — אַדי א'ער מענטש.

.

־דיקייט.

אומשלינאַיען זיך, ־נײַען זיך — אוטוו.

י

דזוו אומשליאַיען זיך ←, אומשלײַען (זיך) ←. ,,זיי שלינײַען זיך דערנאָו אום אויף דער וועלט זוכן בּרויט,,, [פֿרומקין], וויגדעריל בּן וויגדעריל, וואַרשע 1870.

אומשלינגען — טרוו. דטשמ. נר. אַרומנד מען, אַרומפֿלעכטן. אַרומוויקלען. אורח פֿאַרטײַטשט 'יסבּכו, (איובֿ, ח, 17): "אומשלינגען, אָנגעצעפּעט,, [תּי: ,,פֿלעכטן זיך,,]. ,,דײַן קלייד אומשלינגט דיך...,,, דא, 'אין שסורעם,, 1915.

אומשליסיק — אַדי. וואַקלדיק. וואָס בּלייַבּט אָן אַ בּאַשלוס. ,,וואַר מען צווישן זיך אַזוי א, און אומאייניק", אמד, דער מיליאָנער, ווילנע 1868.

אומשלמות — ← אומשלימות.

אומשלעכט — אַדי. ניט־שלעכט (אָבּער אויך ניט אינגאַנצן גוט). ,,.— ווי איז די אַרבּעט? — כ'ווייס, א', עס קען אָנגיין", רייד.

אומשלעפּעניש

אומשלענגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אום, זיך ~געשלענגלט. 1. אומדרייען זיך ווי אַ שלאַנג. ,,די סטעזשקע שלענגלט זיך אום

צווישן הויכער תּבֿואה". 2. אַרומוויקלען זיך. א, זיך מיט בײדע הענטלעך אַרום דעם טאַטנס פֿיס.

אומשלעפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אומשלעפּן.

אומשלעפּן — טרוו. שלעפּ אום, ~געשלעפּט.

1. אַ לענגערע צײַט שלעפּן איבער פֿאַרשיידענע ערטער. א, שווערע משׂאָות. „און, ליס [נבֿוכדנאצר] אַזו דורך דיא ווײַטי גאַסין שלעפּין און, אין דיא גאַנצי שטאַט אום שלעפּין", צאינה, תּרגום שני. „די זײַלן אין בית המקדש...וואַרן צו בּראכן אַז איין ערדנער קרוג און, די שיני קרונן דיא דרויף וואַרן אום גישלעפּט אויף די ערד", קינות לתּשעה באָבֿ, פֿיורדא 1767. „און אַן אויסגעמאַטערט ווינטל אויף די בערג שלעפּט אום די נעבּלס", יהואָש, 'פֿון די קעטסקיל־בּערג'.

2. אַרומפֿירן, מיטנעמען (מיט גוואַלד). „האָבּן זיי אים אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ קלייד אַרום האַלדז און האָבּן אים אומגעשלעפּט און מצער געוועןן,,, מהמ, ווילנע תּרס"ז. „זי האָט אים דאָך... ערצויגן און מיט זיך אומגעשלעפּט אויף אַלע אירע עלנטע וואַנדערונגען,,, אמד, עווגעניע, ווילנע 1878.

3. אָפּשלעפּן. אַריבערפֿירן פֿון איין אַמט אין צווייטן. א, אַ דיעלע פֿון איין סוד צום צווייטן.

אומשלעפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אומוואָגלען; אומבלאָנקען; זײַן נע־ונד. „דו ביסט נון אַלט פֿינף און זיבעציק יאָר און מוזסט דיך אומשלעפּן אין לאַנד אַז איין בעלתשובֿה„, צור, לד־לך. 2. אַרומגיין, אַרומפֿאָרן ערגעץ, וואו עמעצער וויל ניט לײַדן אָדער ס'איז פֿאַרווערט. „אָמר ליהודים פּריץ אחד, איר יהודים שלעפּט אײַך ניט אום אין דער מאָסקוו“א, דאָרטן בײַא דער סטאָליצ„א איז איין יהודי אום קומו„, 'שו„ת מהרש“ל', לובלין 1599 [השׂ I]. „די בהמה דאַרף זיך ניט א, אין שטאָט, על־פּי דין דאַרף זי ליגן אין שטאַל„, ממוס, קליאַטשע.

3. אַרומטרײַבן זיך. אומשלײַען זיך. „אונ, דיא ווײַבר ווען זיא גינן אויז דער שול דא זאָל זיא זיך ניט אויף דר גאַסן אום שלעפּן...“, בראַנט. 4. אַרומוואַנדערן ווי אַ שלעפּער, אַ בעטלער. כאַליאַסטרעס בעטלוירים שלעפּן זיך אום. „ווײַבער און קינדער פֿלעגן אומצושלעפּן זיך ווי די ציגײַנער פֿון דאָרף צו דאָרף„, אמד, דער שבֿעים מאָלצײַט, ווילנע

.1877

אומשלעפּעכץ — דאָס (די), ־ער (־ן).
1. פּראָצעס פֿון אומשלעפּן (זיך). 2. ווער
עס שלעפּט זיך אום (ספּעצ וועגן אַ פֿרוי).
אַ מיאוס שטיק א'.

אומשלעפּעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אומשלעפּן (זיך). אַן א, אויף די עלטערע
יאָרן.

אומשלעפּער

א לעפּער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שלעפּט (זיך) אום. צעלאָזענער;
הפֿקרניק. בּעטלער וואָס וואַנדע◌רט אום. „דער
א, עזריאלקע האָט אַ בּלוטיק אייגל„, חג, איק,
פּסח תּשט"ז. ־עריַ.

אומשלעפֿער(ד)יק — אַדי. וואָס איז ניט
גענייגט צום שלאָפֿן (הגם מיד אָדער
לאַנגווײַליקט זיך). א, שפּילן (אויסלייגן) פּאַסיאַנס.
־יקייט.

אומשמאַקהאַפֿטיק — אַדי. אַרכ.
אומבּאַטעמט. „ווערט וואול דאשׂ און
שמאַקהאַפֿטדיקשׂ געגעסין זונדר זאַלץ", בּליץ, איובֿ, ו, 6.

אומשמדן — [...שמאַדן] טרוו. שמד אום,
~געשמדט. אָפּט מיט ז י ך. 1. אַריבּערפֿירן

פֿון איין קריסטלעכן גלויבן אין אַ צווייטן.
א, פֿון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן אין
פּראָטעסטאַנטישן. זיך א, כּדי ניט דאַרפֿן זאָגן אַז
מען איז פֿריִער געווען אַ ייִד. 2.
אַריבערפֿירן פֿון איין שיטה, ריכטונג, פּאַרטיי אין
אַן אַקעגנדיקער. א, (זיך) פֿון שוואַרץ אויף
רויט, פֿון רויט אויף שוואַרץ.
אומשמוגלען — טרוו. ־גל אום, ~געשמוגלט.
אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט שמוגל,
אַריבערברענגען פֿאַרבאָטענע זאַכן,
קאָנטראַבאַנד. א, ביז מע פֿאַלט אַרײַן ־עניש.
.
אומשמידן — טרוו. שמיד אום, ~געשמידט.
איבערשמידן. „וועט מען דען א, שווערדן אויף
אַקעראײַזנס?“, רייד ־ונג.
.
א מייכלהאַפּט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
איז אָן חניפֿה; וואָס שטעלט אַרויס עמעצן,
עפּעס, פֿון דער שלעכטער זײַט. „[אי] האָט
אָט די א'ע אָנרופֿעניש אַ האָר ניט געקימערט“,
אַבא גאָרדין, יאָנאָווסקי..., ל„אַ 1957.
אומשמײַסן — טרוו. שמײַס אום, ~
געשמיסן. אומשלאָגן מיט אַ רוט, רימען אע. א,
עמעצן ביז בלוט. מיט ז י ך. א, זיך אין

בֿאָד. ־עניש.

אומשמײַען — אוטוו. שמײַע אום, ~ געשמײַעט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט שמײַען. אַרומלויפֿן אָן אַן אָטעם. א, פֿון זרחן צו בֿרוכן. „שמײַען אום נאָך פֿאַלשע שאָטנס„„ אַל I. ־עניש.

אומשמינקען — טרוו. ־שמינק(ע) אום, ~ געשמינק(ע)ט. פֿון אַלע זײַטן אָדער פֿונדאָסנײַ, אַנדערש בֿאַדעקן מיט שמינק(ע). א, דאָס פּנים און שפּילן נאָך אַ ראָלע אין דער זעלבֿיקער פּיעסע. ־עכ□ן. ־עניש.

אומשמירן — טרוו. שמיר אום, ~געשמירט. אַרומשמירן. איבֿערשמירן. א, די ווענט, דאָס פּנים. אויך מיט ז י ך. ־עכ□ן. ־עניש.

אומשמירער — דער, ־ס. אויך: שלעכטער מאַליער, מאָלער. שונדשרײַבֿער. ־ערײ.

--

אומשמן־זיתדיק — [...שעמענזאַ'ייִס...] אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך (פֿאַלשע) זיסקייט, גלאַטקייט. אויפֿנעמען מיט זיסע ריידעלעך און דערנאָך קריגן אַן א'ן אָפּזאָג. ־יקייט.

אומשמעלץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אומשמעלצן.

אומשמעלצבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען ניט (צע)שמעלצן. אומ(צע)שמעלציק. א'ע וואַקסטיילן.

אומשמעלצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אומשמעלצן.

אומשמעלציק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען ניט שמעלצן. א, בײַ אַזאַ נידעריקער טעמפּעראַטור. ־יקייט.

אומשמעלצן — טרוו. שמעלץ אום, ~ געשמעלצט, ~געשמאָלצן. 1. צעשמעלצן, צעלאָזן. א, אײַז אויף וואַסער. א, דעם רשעס האַרץ. 2. שמעלצן אַ לענגערע צײַט. א, חלבֿ, וואַקס. 3. איבערשמעלצן. א, די גרײַזיקע שורות אויף בלײַ. ־עניש. —ער. ־ערײַ.

א מעקן — טרוו. שמעק אום, ~געשמעקט. אַרומשמעקן. א, און אומטאַפּן און ניט קויפֿן. א, אין אַלע ווינקעלעך. א, ווי אַ הונט (כּלבֿ).

אומשמעקער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אומשמעקן. איר וועגן שפּיאָן, דעטעקטיוו. סאַראַ א', אומעטום רוקט ער אַרײַן די נאָז.

אומשמערצלעך — אַדי. וואָס איז אָן

ווייטיקן. א'ע אָפּעראַציע. א, אָפּזאָגן. "זייער
ריכטיק טאַקע האָבן די ייִדישע געזעצגעבער
אײַנגעפֿונען דעם מעטאָד פֿון שחיטה פֿאַר
דעם א'סטן,,, ש. לאקערמאַן, פֿגעז, ווילנע
7 1923, No־8. ־קייט.
אומשנאָרכ(ע)ן — אוטוו. שנאָרך (־כע) אום,
~געשנאָרכ(ע)ט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט
שנאָרכ(ע)ן. א, אין שלאָף. ־עניש.
אומשנאָר(ע)ן — אוטוו. שנאָר(ע) אוס, ~
געשנאָר(ע)ט. אַרומגיין בעטלען (אויף ניט קיין
שיינעם אופֿן). א, איבער אַלע שטעטלעך און
צוניפֿשנאָרען נדן פֿאַר דער בוגרת. ־עכץ.
־עניש. ־ערײַ.
אומשניט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אומשנײַדן. אַ טיפֿער א,.
אומשנײַדן — טרוו. שנײַד אום, ~געשניטן.
1. שנײַדן אַ לענגערע צײַט. א, תּבֿואה.
2. אַרומשנײַדן. א, די פֿאַרדאַרטע צווײַגן.
א, די פּאָלעס. ־ונג. ־עניש.
אומשניצן — טרוו. שניץ אום, ~געשניצט.
1. אַ לענגערע צײַט שניצן, קריצן. א אַ
,
מזרח. 2. אַרומשניצן. א אַ פֿלאָקן, אַ שטעקן.
,

־ונג. ־עניש.

אומשעדלעך — אַדי. 1. וואָס ברענגט ניט קיין שאָדן. וואָס קען ניט שאַטן; וואָס מאַכט ניט קאַליע. „[געוויסע מנהגים] זײַנען, אָדער לפּחות זעען זיך אויס, א‟, יאי איבז, אַנטראָפּאַלאָגיע, נ„י 1920. „אַזוי ווי צווישן מענטשן זײַנען אויך צווישן ביכער די 'ניט־גוטע און ניט־שלעכטע, — די ערגסטע, די 'א'ע, — די שעדלעכסטע„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „[איין מין רונדוואָרעם] פֿירט אַ זעלבשטענדיקן און א, לעבן אין די קלאָרע וואַסערן פֿון טײַך„, ש. בלום, דער בויס פֿון לעבן, נ‟י 1931.

2. וואָס איז ניט קיין שטער פֿאַרן געזונט. א'ער היילמיטל. רייכערן איז שעדלעך אָדער

.

אומשפּאַנונג

א'? „איז ניט שווער [צו] מאַכן א, די אַרבעט אויף די בויער־מאַשינעס...„, די גאַדבער־ און בערשטער־שטימע, מאָסקווע 2 1928, No.

3. וואָס קען מער ניט ברענגען קיין שאָדן

דעד געזעלשאַפֿט, אַ גרופּע. „אַ יאַבעדניק...איז מותּר צו פֿאַרפֿאָלגן, אים א, צו מאַכן“, צעד.
„האָט מען, ווי עס טרעפֿט זיך אָפֿט, דעם א'סטן באַשטראָפֿט“, אַל III. „די ישׂראל־רעגירונג האָט נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג און געמוזט א, מאַכן די עגיפּטישע אַרמיי„,, ד פֿלינקער, טמז, 28 196l XII. „דער שטערער
.
אויף אונדזערע מיטינגען איז געוואָרן א'“,
טמז, 1963 III ו 28. *מאַכן א, = באַזײַטיקן, אָפּראַמען פֿון וועג (אויך פֿאַרשטעלט פֿאַר דערהרגענען). ־קייט.
אומשעלטער — דער, ־ס. 1. איבערשטעלער פֿון אַ טייל מאַשין (זי זאָל יאָ אָדער ניט פֿונקציאָנירן) פֿאַרגעס ניט אַראָפּצודריקן דעם
.
א'. 2. ספּעצ. קנעפּל אויף שרײַבמאַשין איבערצושטעלן פֿון קליינע אותיות אויף גרויסע. פֿאַרריכטן דעם א'.
אומשעמהאַפֿטיק — אַדי. וואָס שעמט זיך ניט. אומפֿאַרשעמט. “רבּש„ע, אַ שעמהאַפֿטיקער האָט צו טאָן מיט אַן א'ן, אָדער אַ צדיק מיט אַ רשע“, גדולת יונה, [איב], וואַרשע .1857

אומשעמעוודיק — אַדי. וואָס האָט ניט
די טבֿע זיך צו שעמען. א'ע חבֿרה־לײַט. א'ע
נאַאיווקייט. א'ע, חוצפּהדיקע פּנימער ־יקייט.
.
אומשעפּטשען — טרוו. ־טשע אום, ~
געשעפּטשעט. אַ לענגערע צײַט (אָדער צו אַ
צאָל) ריידן זייער שטיל, אָן אַ קלאַנגען־טאָן.
א, סודות אויפֿן אויער. ־עניש.
אומשעפֿעריש — אַדי. 1. וואָס ברענגט
ניט אַרויס, טוט ניט אויף עפּעס נײַס,
ווערטיקס. „דער [פֿאַלשע] פּסק־דין אַז
שפּראַךפֿאָלקלאָר איז עפּעס 'פֿאַרגליווערטס', א',,, א.
טשערניאַק, ייִשפּ, XXII, 3. 2. אומפּראָדוקטיוו.
אַנטשוויגן ווערן, בלײַבן א, פֿאַרוואָס איז
.
ער געוואָרן אַזוי אומפּראָדוקטיוו און א, אַפֿילו
אין זײַן קליינער פּראָדוקטיווקייט“, יג, תּוך.
־קייט.
אומשעצבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז
ניט אָפּצושאַצן. אומשאַצלעך. „אַן א'ע,
מאָראַליש־סאָציאַלע באַדײַטונג“, 'טאָז, שריפֿטן,
וואַרשע 1929. „באַלאָדן פֿול מיט א'ן רויב“,
ש פֿרוג I, נ„י 1910.
.

אומשעצונג, אומשעצן — דטשמ. נר.
← אומשאַצונג, אומשאַצן.
אומשפּאַכל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אום,
~געשפּאַכל(י)עוועט. שפּאַכלעווען, פֿאַרשמירן,
פֿאַרשטאָפּן שפּאַלטן פֿון אַלע זײַטן אָדער
פֿונדאָסנײַ. א אַלע פֿיר ווענט.

,
אומשפּאַן — דער, ־ען. אַקט פֿון
אומשפּאַנען. ״איך הער דעם שאָרכנדיקן א, פֿון
די מענטשן״, אָפּאַ, טמז, 1951 I י 3.
אומשפּאַנונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומשפּאַנען. ← דוווו. 2. היפּוך
פֿון שפּאַנונג. אין דריטן אַקט קומט
אומגעריכטערהייט אַן א'.

אומשפּאַנען

אומשפּאַנען — שפּאַן אום, ~געשפּאַנט.
אוטוו אַרומשפּאַנען, אַרומגיין. א, איבּערן

צימער. „און נעבּן זיי...שפּאַנען אום היין און
צוריק אַ פּאָר צענדליק ייִדן„, ד. הירשקאַן,
ניט הינטער אַ פּלויט, בּערלין 1922. „בּײַנאַכט
שפּאַן איך אום אין תּכריכים אין ווײַסע/ און

זויג אײַן די שרעק פֿון מײַן פֿאָלקס קאַטאַסטראָפֿע,,, חג. ,,אָט שפּאַן איך אום אין אַלט־מצרים“, איבּז יעווטושענקאָ, 'בּאַבּי־יאַר', פֿאָר, 6 1961 .X

טרוו — 1. אַרכ. מאַכן עס זאָל זײַן געשפּאַנט, אָנגעצויגן. מלל פֿאַרטײַטשט 'וימיני טפּחה שמים, (ישעיה, מח, 13): “אומשפּאַנט“. [תּי: ,,אויסגעשפּרייט,,]. 2. (אײַנ)שפּאַנען אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די פֿערד ־עניש.

—

.

אומשפּאַצירן — אוטוו. ־ציר אום, ~(גע)־שפּאַצירט. שפּאַצירן אַהין און צוריק. מאַכן אַ לענגערן שפּאַצירגאַנג. ,,די אַריסטאָקראַטן (רײַכע לײַט) האָבּן אומגעשפּאַצירט הין און צוריק פּאָרוויַז,,, ל. לעווינזאָהן איבּז, י. מ. וואהלמאַן, יפֿתּחס נדר, ווילנע 1873. ,,און ער פֿלעגט דערפֿאַר ליגן, זיצן און א, אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד,,, אַר, 'אויפֿן גרינעם גראָז,. ,,האָט זיך אומשפּאַצירט די אייבּיק ליכטיקע נאַכט־קעניגין [די לבֿנה],,, צ. ה. האָרנשטיין, זלידניעפֿקער לעבּענדע פֿאָטאָגראַפֿי, בּאַרדיטשעוו תּרנ“א. ,,די שיף איז ווײַטער געגאַנגען. עס איז שוין געוועזן אַ סך גערוימער, אָבּער קיינער האָט ניט אומגעשפּאַצירט“, מר

I, נ"י 1910.
אומשפּאָרזאַם — אַדי. דטשמ. נר.
אומשפּאָרעוודיק. ־קייט.
אומשפּאָרעוודיק — אַדי. וואָס האָט ניט די טבֿע צו שפּאָרן. וואָס מאַכט איבעריקע הוצאות. אַן א'ע בעל־הבּיתטע ־יקייט.
.
אומשפּילן — טרוו. שפּיל אום, ~געשפּילט. 1. שפּילן אַ לענגערע צײַט (אין אַ צאָל ערטער). א, אין קאָרטן טאָג און נאַכט. א, דעם זעלביקן ניגון. 2. שפּילן אויף אַן אַנדער אופֿן. איבערשפּילן. לאָמיר א, דעם מאַרש. 3. אַרכ. נאָכאַמאָל וואַרפֿן גורל. „...זאָל...הפּרנס החודש...ווידר אום שפּילן ווער עולה לתּורה זײַן זאָל", תּקנות הקהילה דקהל קודש אַש נזיס אַשר באַמשטרדס, אַמשט 1737.
אומשפּילן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ לענגערע צײַט פֿאַרברענגען אין פֿאַרווײַלן זיך מיט שפּילזאַכן אָדער שפּיל־אינסטרומענטן. א, זיך ווי קינדער. 2. טאָן עפּעס פֿאַמעלעך (ווי געשפּילט זיך). „פֿון א, זיך מיט די ברעטער וועט די טיר קיינמאָל ניט פֿאַרטיק ווערן„ רייד. 3. רייצן זיך. א, זיך מיטן קעגנער ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. 4. קזוו.

זיך צערטלען; אַרויסוויַיזן קעגנזיַיטיקע ליבשאַפֿט. יצחק און רבֿקה האָבן זיך אומגעשפּילט. ־עניש. ־עריַי.
אומשפּיציק — אַדי. ניט־שפּיציק (אָבער אויך ניט אינגאַנצן אָן אַ שפּיץ). מע קען ניט אַריַינשטעקן דעם א'ן פֿלאָקן.
אומשפּיריק — אַדי. וואָס נעמט ניט אויף קיין שפּירונג (דורך די חושים). אומפֿילעוודיק, ניט־סענסיטיוו. א, צו קעלט, צו היץ. א, צו פֿרעמדע ליַידן. ־יקייט.

676

אומשפּירעוודיק — אַדי. 1. וואָס איז לויט דער טבֿע ניט פֿעאיק אויפֿצונעמען (פֿיַינערע) שפּירונגען פֿאַרגרעבטע א'ע מענטשן. 2. דזוו
.
אומשפּיריק. „דער פּאַציענט זאָל ווערן א, נאָר אין דעם אָרט וואו מע דאַרף אים אָפּערירן„, פֿגעז, ווילנע 8 1940, No. ־יקייט — „קופּער און איַיזן ווערן באַנוצט מעטאַפֿאָריש צו באַצייכענען א, און טעמפּקייט„, ע. לעף, ייִבֿל 7 ,XIII־8.
אומשפּראַך — די, ־ן. נעאָל, יג. שלעכטע,

פֿאַרגרײַזטע שפּראַך. ווילדע רייד.
אומשפּרײַז — דער, ־ן. אומשפּאַן,
אַרומי

גאַנג; אַרומנעם אַרומכאַפּ. אַן א, איבער דער
.
וועלט אין 80 טעג. אַן א, איבער (אין) דער
געשיכטע פֿון ייִדן.
א פּרײַזן — אוטוו. שפּרײַז אום, ~
גע־־
שפּרײַזט. אומשפּאַנען, אַרומגיין מיט גרויסע
טריט. א, איבער דער גאַנצער לענג פֿון
קאָרידאָר. ־ונג. ־עניש.
אומשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אום, ~
געשפּרונגען. שפּרינגען אַ לענגערע צײַט אָדער
אין אַ צאָל ערטער. א, פֿון איין אָרט
אויפֿן אַנדערן. "ביזוואַנען וועט איר א, אויף
צוויי צווײַגן?", תּי, מלכים א, יח, 21. ־עכן.
־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אומשפּריצן — טרוו. שפּריץ אום, ~
געשפּריצט. 1. כסדר, אַ לענגערע צײַט (אין
אַ צאָל ערטער) שפּריצן. א, דאָס גראָז דעם
גאַנצן זומער. 2. נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ
שפּרי,

צן. א, די בײטן. 3. אוטװ. פֿיג. אַזױ װי גיסן
אָדער װאַרפֿן. א, מיט אומהײמלעכע בליקן
אויף עמעצן. —עניש.

-

אומשסעדיק — [...שעפֿע...] אַדי. װאָס איז
אָן שפֿע, װאוילשטאַנד; װאָס איז אָן ברײטן
פֿאַרנעם. אַן אײַנגעצוימטע א'ע בעלי־בתּישקײט.
,,געװוען איז די קאָנפֿערענץ עפּעס אַ מאָגערע,
אַן א'ע'', רײד ־יקײט.

-

אומשרויסן — טרוו. שרויף אום, ~געשרויפֿט.
(אויסשרויפֿן און) שרויפֿן נאָכאַמאָל, אַנדערש.
א, דאָס גאַנצע געדעם.
אומשרײַבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אומשרײַבן. ,,אין
זשאַרגאָןטעקכט זענען דאָ גאָר אַנדערע נײַע
װאָרטבילדער, אַנדערע באַצײכענונגען, א'ען,,, בעמ

I. "כ'וואָלט וויליק געווען צו באַשטאַטן מיט אַזאַ פֿאָנעטישער א',,, נפ, ייִפֿאַ, 2 ,1939.
,,קיין איינציק פּראָזאַאיש וואָרט, נאָר אַלץ אין בילדער און א'ען,,, זב, די שטימע פֿון טאָל, נ"י, ניסן ת,,ש.

א רײַבן — טרוו. שרײַב אום, ~געשריבן.
(איבער)שרײַבן אויף אַן אַנדער אופֿן, מיט אַנדערע ווערטער, אַנדערע ארתיות, צייכנס אע. א, דעם טעקסט מיט לאַטײַנישע אותיות.
א, דעם באַריכט און שטאַרק קירצן. ־עכ◌ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אומשרײַבעריש — אַדי. וואָס איז ניט ווי בײַ אַ שרײַבער. א'ער דוחק אין ווערטער.
,,דער א'ער טריאומף איז...צו פֿאַרדאַנקען דעם מחברס אײַנגעבוירענער פֿעאיקייט צו פֿאַרשטיין", יג, איק, 1955. ־קייט.

אומתהנונימדיק

אומשרײַען — אוטוו. שרײַ אום, ~געשריגן (~געשריִען). אַ לענגערע צײַט (זיך באַוועגן און) שרײַען, מאַכן קולות. א, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צונויפֿלויפֿן. ־עכ◌ן ־עניש.

.

אומשרײַער — דער, ־ס. ווער עס פֿאַרנעמט
זיך מיט אומשרײַען, מיט אויסרופֿן (
מעלדונגען פֿון דער מאַכט, נײַסן). העראָלד. אַן
א, אין אַ מיטלעלטערלעכער שטאָט.
אומשריפֿטיק — אַדי. נעאָל. 1. וואָס קען
ניט לייענען און ניט שרײַבן, אַנאַלפֿאַבעטיש,
עם־הארציש. זײַן א,, ניט וויסן קיין צורת
אות. ,,טעסטן פֿאַר א'ע און אויסלענדיש־
געבוירענע,,, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
2. וואָס האָט נאָך ניט קיין שריפֿט. א'ע
שפּראַכן ־יקייט.
.
אומשרעקבאַר — אדי. דטשמ. נר.
אומשרעקעוודיק ←. ,,האָט זיך דערוואָרבן אַ
רעפּוטאַציע פֿון אַ געוואַגטן, א'ן קעמפֿער,,, ש.
בן־י ראל, פֿאָר, 8 1964 XI.
אומשרעקלעך — אַדי. היפּוך פֿון
שרעקלעך. מילא, די א'ע סטראַשונקעס. ־קייט.
אומשרעקעוודיק — אַדי. וואָס האָט ניט
די טבֿע זיך צו שרעקן; וואָס שרעקט זיך
ניט געוויינטלעך. א'ע קעמפֿערס פֿאַר יושר.
־יקייט.
אומשתדלעוועט — [...שטאַ'דלעוועט] אוטוו.
־לעווע אום, ~געשתּדלעוועט. אַ לענגערע

צײַט (אין פֿאַרשיידענע אַמטן אָדער בײַ פֿאַרשיידענע וויכטיקע פּערזאָנען) זיך באַמיִען אויספּועלן עפּעס (אַמאָל מיט כאַבֿאַר, חניפֿה). א, בײַ אַלע שׂררות.

אומשׂכל — [...סייכ] דער. מצ נבֿ. דאָס וואָס איז ניט שׂכלדיק. קרומער שׂכל. ש. בֿקל, טמז, 5 1960 II.

אומשׂכלדיק — אַדי. 1. וואָס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל, ניט־ראַציאָנעל. א'ער פּלאַן. „ראַסן־שׂנאה...געהערט צו די סאַמע איראַציאָנעלע, א'סטע דערשײַנונגען„, מ. שטאַרקמאַן פֿאַש, 2 .1964 III 15. וואָס מע קען ניט באַנעמען מיטן שׂכל. „עמאָציעס וואָס לויערן אין די פֿינצטערע באַהעלטענישן פֿון א'ן אונטערבאַוואוסטזײַן“, בֿ. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע. ־יקייט.

אומתאווהדיק — [...טײַווע...] אַדי. וואָס איז אָן לײַדנשאַפֿט(ן). א'ע ליבשאַפֿט. ־יקייט.

אומתוכיק — [...טאָכ...] אַדי. וואָס רירט ניט אָן דעם תּוך. וואָס האָט אין זיך ווייניק תּוך. איבעריקע, א'ע רייד. אַן א'ע רעזאָלוציע. ־יקייט.

אומת▯עלתדיק — [...טויע'לעס...] אַדי. נעאַל.
אומניצלעך. „כּדי צו פֿאַרשפּאָרן די א'ע
פֿאַרמיטלענדיקע רינגען„, בּרידער גאָרדין,
אונדזערע חיבּורים, ווילנע 1912.
אומתהינהדיק — [...טכינע...] אַדי. וואָס
איז ניט ווי אין אַ תּחינה. א, קורץ.
אומתהנונימדיק — [...טאַכנו'נימ...] אַדי.
וואָס איז אָן (איבּעריקן, כּסדרדיקן) בּעטן זיך
(מע זאָל רחמנות האָבּן). בּעטן עפּעס מיט
ווערדע, א,.

אומתכלית

אומתכלית — [...טאַכלעס] דער, ־ן. היפּוך
פֿון תּכלית. „בּטלנות געווינט אין דעם
געראַנגל צווישן תּכלית און א'„, י. העשעלעס,
צוק, 1964.
אומתכליתדיק — אַדי. וואָס איז אָן
רעזולטאַט; וואָס דערגרייכט ניט דעם צוועק.
ניט־פּראַקטיש. דאָס א'ע לערנען לשמה. „דאָס
א'ע שיינשרײַבּערײַ האָט נאָך בּײַ אונדז ניט
געהאַט געפֿונען קיין דירה„, יג, תּוך.
־יקייט — „די א, האָט זיך פֿאָרט
אַרײַנגעגנבֿעט ממש אין יעדער זײַטל„, יג, צוק,

יוני־יולי 1962.

אומתלמודיסטיש — [.□.טאַלמוד...] אַד□.
וואָס איז ניט ווי בײַ אַ תּלמודיסט. א'ער
אופֿן טראַכטן.

אומתלמודיש — אַדי. וואָס איז ניט לויטן
גײַסט פֿון תּלמוד. אַן א'ע הנחה. ־קייט.

אומתמימותדיק — [...טמימעס...] אַדי.
ניט־תּמימותדיק, ניט־נאַאיוו. א'ע פֿראַגע. אַ
נעבעכל מיט א'ע רייד. ־יקייט.

אומתמעוואַטע — [...טאַמ...] אַדי.
ניטתּמעוואַטע, ניט מיט כּלומרשטער נאַאיווקייט.
א'ער פֿויער. די אויגן פֿינקלען א'.

אומתמציתדיק — [...טאַ'מצעס...] אַדי.
אומוויכטיק. וואָס האָט ניט אין זיך קיין תּמצית,
קיין קווינטעסענץ, קיין עיקר. א'ע רייד.
—יקייט.

אומתנאָימדיק — [...טנאָאימ...] אַדי. וואָס
איז אָן שום תּנאָים. א'ע קאַפּיטולאַציע.
־יקייט.

אומתנכיש — [...טאַנאַכ...] אַדי. וואָס איז
ניט אין גײַסט פֿון תּנך. א'ער אויסטײַטש.
־קייט.

אומתענוג — [...טײַנעג] דער. מצ נבֿ. נעאָל.
געפֿיל, איבערלעבונג וואָס איז אַ היפּוך צום

תּענוג־געפֿיל. „א, ביז שווערן פּחד“, מוו איבּז,
פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז ־דיק —
.
אַדי. „ווי אַזוי עס קען דורכן מקוים ווערן
פֿון אַ פֿאַרלאַנג נולד ווערן עפּעס אַזוינס
וואָס איז גאָר שטאַרק א„ דהײַנו אַ
באַשטראָפֿונג“, מוו איבּז, דאָרטן.

□

אומתקיסותדיק — [...ט(אַ)קיפֿעס...] אַדי.
ניט־גאווהדיק, ניט־בעל־דעהדיק. אַן איידעלער,
א'ער גבּאי. ־יקייט.
אומתרבּות — [...טאַרבּעס] אַדי. פּפֿ: ~
בּתרבּות ←. אומקולטורעל; אומאיידל, גראָבּ.
א'ע לײַט. א'ער יונג. א'ער חזיר. „און דאָך
...האָבּן מיר פֿון איר נאָך קיין איין א, וואָרט
געהערט, צײַט זי איז בײַ אונדז“, אמד.
„קאַליע געמאַכט די תּבֿואות וועלכע אָרעמע
פּויערים האָבּן געזייט מיט שווייס נעבּעך און
מע האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט, זיי ניט
געזאָגט קיין א, וואָרט„, ממוט, קליאַטשע,
אָפּט סובּ. „אַזאַ א'ער, אין אַ לײַטיש הויז
טאָר מען אים ניט אַרײַנלאָזן!“

אומתרבות — ← דפֿוו. די (דאָס). מצ נבֿ.
אומקולטור. ווילדקייט, וואַנדאַליזם. ,,געקומען
די מלחמה און א, האָט פֿאַרפֿלייצט די וועלט“,
רייד. ,,...(כל עולם) רעכנט דירשׂ פֿר איין
און תּרבות צו“, צוכט. “...דען די וואשׂ

נאהנט זענין די נעמן זיך אין די אַכט קיין
אום זויבּרשׂ אונ, קיין אום תּרבות צו שפּירן
אַן זיא דען זי זיינין איבּיג דעם מלך פֿר
זײַני אויגן“, עח, ד, 4.
אומתרבותדיק — אַדי. דזוו אומתּרבות,
אַדי. אויך: אומדערצויגן, שלעכט־דערצויגן;
וואָס איז אָן רעספּעקט, דרך־ארץ. א'ע חבֿרה.
א'ע הנהגה.
און — [אין אַלט־ייִדיש און אין טײַטש־ספֿרים
בּיזן אָנהייבּ 20. י“ח — אונ', אונ. דטשמ
פֿאָרעם — אונד] Mhd: un(l, unt.
פֿאַרשפּרייטסטע קאָנ אין ייִדיש. 1. מיט, אינאיינעם,
צוזאַמען, זײַט בײַ זײַט. א) שאַפֿט איין
זאַצטייל, ווען ס'קומט אַרײַן אין די
צאָלווערטער צווישן די איינערס, פֿון 1 בּיז 9,

און די צענדלינגער: זעקס א, דרײַסיק למדוואָוניקעס, נײַן א, דרײַסיק מלקות, איין א, צוואַנציק פּונקטן פֿון אָפּמאַך אאַזוו. (אָבֿער בײַם גיכן ציילן איז מיגלעך דורכצולאָזן דעם און: איין א, צוואַנציק, צוויי א, צוואַנציק, דרײַ, פֿיר, פֿינף, זעקס א, צוואַנציק. און פֿעלט אין ריידענישן פֿון רײַסן און אוקראַאינע, וואו דער סדר איז אַ סלאַווישער: צוואַנציק איינס, צוואַנציק צוויי אאַזוו). און קומט איך צווישן הונדערטער (און אויך גרעסערע צאָלן) און איינערס אָדער צענערס, אָבֿער מעג זיך טרעפֿן ניט מער ווי צוויי מאָל און קען זיך טרעפֿן בלויז איין מאָל אין אַ צונויפֿגעזעצטער צאָל. „די תּורה דאַרף מען לערנען הונדערט א, איין מאָל“, „פֿאַראַן זעקס הונדערט א, דרײַצן מצוות“, „ער האָט אָנגעציילט טויזנט דרײַ הונדערט (א') צוואַנציק רובֿל“. און פֿאַרבֿינדט דעם בּרוכטייל מיט דער גאַנצער צאָל אין צונויפֿגעזעצטע בּרוכצאָלן: פֿינף א, צוויי דריטל, זיבֿעצן א, אַ האַלבֿ. און מוז קומען אין מ אָ ס ווערטער, ווען עס ווערן אָנגערופֿן די גרעסערע און די קלענערע מאָס: געקויפֿט צוויי פֿונט א, דרײַ לויט פּוטער; געוואַרט דרײַ שעה א,

(מיט) צוואַנציק מינוט; אויסגעניצט אַכט יאַרד א, דרײַסיק צאָל שטאָף אאַזוו. ווען דאָס צווייטע קלענערע מאָסוואָרט פֿון געלט ווערט ניט אָנגערופֿן — לאָזט מען דורך און: עס קאָסט צוועלף דאָלאַר פֿופֿצן. [בײַ ברוכצאָלן און בײַ מאָסווערטער קומט אָפֿט פרעפּ מ י ט.]

ב) אין רעכענען, בײַם חיבור: צוויי א, צוויי איז פֿיר, 365 א, 248 איז 613. און איז דאָ גלײַכווערטיק צום סימבאָל פּלוס +.

ג) און פֿאַרבינדט די אײַנגעפֿעסטיקטע, צונויפֿגעהאָפֿטענע פּאָרלעך, צווילינג־אויסדרוקן אין הונדערטער פֿאָלקסווערטלעך: איינס א, צוויי, אָך א, וויי, אַש א, בלאָטע, אַלט א, קאַלט, אָפֿן א, פֿרײַ, אָן דיר א, אָן האָפֿן, אין פֿײַער א, (אין) וואַסער, אָפּגעריסן א, אָפּגעשליסן, ברענען א, בראָטן, אַ בושה א, אַ חרפּה, ברוין א, בלוי, גאָט א, לײַט, גיפֿט א, גאַל, געזונט א, שטאַרק, דאָס א, יענס, דונער א, בליץ, האָר א, נעגל, הימל א, ערד, ווײַב א, קינד, וואויל א, וואָלוול, זיס א, זויער, זײַד א, אַטלאַס, חתן א, כּלה, טאָג א, נאַכט, טינט א, פּען, טשאַקנדיק א, קנאַקנדיק, יאָ א, ניין, ייִד א, גוי, כאַפּן א,

כאָאון

ליען, לײַבּ א, לעבּן, מאַן א, ווײַבּ, ער א,
זי, מילך א, האָניק, ניט געשטויגן (א') ניט
געפֿלויגן, אין עסיק א, אין האָניק, פֿאַרמאָגט
א פֿענדל א אַ שפּענדל, מיט ציין א, נעגל,

,

-

קאַלט א, וואַרעם, קינד א, קייט, קרום א,
לאָם, דערזען קראָקע א, לעמבּערג, ווי זי
שטייט א, גייט, עס שווימבּלט א, גריבּלט
אאַזוו. „איבּער וואַסער א, איבּער בּריק“, פֿל.
„און שלאָגט אום מיט דער האַק בּלוין א,
בּלוי און ווינד א, וויי“, שארית ישׂראל, ח„ש
מספֿר יוסיפֿון, לעמבּערג [יאָר □].
ד) און איז די וויכטיקסטע קאָאָרדיניר־
קאָניונקציע צווישן זאַצגלידער, וואָס בּיידע פֿילן
זיי אויס די זעלבּיקע פֿונקציע אין זאַץ און
געהערן געוויינטלעך אויך צו דעם זעלבּיקן
וואָרטקלאַס. “לײַען א, בּאָרגן מאַכט גרויסע
זאָרגן“, ש וו; “אַ דאָקטאָר א, אַ רופֿא טאָר
מען ניט ווינטשן אַ גוט יאָר“, שוו; „פֿאַר

געלט באַקומט מען די־ א, יענע־וועלט“, שוו;
„פֿאַר אַ שטיל וואַסער פֿאַר אַ שטילן הונט
,
א, פֿאַר אַ שטילן שׂונא זאָל מען זיך היטן„,
שוו; „אַ קונץ איז צו קויפֿן סחורה א, צו
האָבן קינדער, נאָך אַ גרעסערער קונץ איז
סחורה צו פֿאַרקויפֿן א, קינדער מגדל צו
זײַן“, שוו. „אַכציק ער א, זיבעציק זי“,
וואַר. „וועסט קריגן אַ שענערע א, אַ
בעסערע“, פֿל; „מײַנע שבתים א, מײַנע
יומטובים זײַנען מיר געוואָרן צעשטערט„, פֿל;
„אָנגעקושט א, אָנגעהאַלדזט א, אַוועקגעפֿאָרן“,
פֿל. פֿריש א, געזונט א, משוגע“ [די לעצטע
„
צוויי זאַצן האָט דער צווייטער און דעם ב5.]
און קומט אויך דעמאָלט ווען די
קאָאָרדינאַציע בינדט זיך ניט מיט פֿולער
סימעטרישקייט. „[ער] איז געווען אַ דאַרער, אַ
קורצזיכטיקער, מיט אַ בלייך פּנים, אַ
שטילער, אַ גוטער א, זייער באַליבט בײַ איטלעכן
אין דעם שטעטל„, ממוס, שלמה.
) און קומט בײַ אַן אויסרעכענונג פֿאַרן
לעצטן גליד, קען קומען צווישן אַלע גלידער
און קען אויך אָנהייבן די קייט (אָנהייב זאַץ),

ווי אויך פֿאַרבינדן איין קייט מיט דער
אַנדערער. „א, ער שווערט איר הייסע ליבע
בײַ די ציצית, בײַ די פּאות, בײַ די תּפֿילין
א, בײַם שופֿר של משיח“, פּרץ, מאָניש.
“אַ גוטער מאָרגן זאָל קומען אויפֿן מחותּן
מיט דער מחותּנתטע, אויפֿן חתן מיט דער
כּלה, אויף אַלע מחותּנים פֿון ביידע צדדים
א, אויף אַלע ליבע פֿרײַנד“, שע. „איר פֿוילט
א, פֿאַלט א, ווערט פֿון יאָר צו יאָר מער
אַלט„, ביאליק. „א, קינדער א, קרובֿים א,
גאָר פֿרעמדע האָבן זיך געשטופּט אין חדר
אַרײַן„, רייד.

) צוזאַמען מיט דער פּרעפּ צ ו ו י ש ן
קומט און. “צווישן בערגעלע א, דעם
וועלדעלע לויפֿט אַ וואַסערל אין דער מיט„,
פֿל. „צווישן מאַן א, ווײַב טאָר ניט זײַן קיין
סוד“, שוו.

ז) און צווישן צוויי ווערבן, ווען בײַם
צווייטן פֿעלט דער הילפֿסווערב [און פֿאַרבײַט
אים]. „ער וועט קומען א, ריידן מיט אײַך“,
“איך וועל אַריבערגיין א, אים זאָגן„, „דו
זאָלסט גלײַך לויפֿן א, רופֿן אַ דאָקטער„

און

[דאָ קען אויד פֿאַרשטאַנעו ווערן אַ ציל־
באַשטימונג מיטן אינפֿיניטיוו, אָבער אָן צו,
כדי צו]. ,,דו האָסט געזוכט א, געפֿונען —
גלייב,,. ,,[ער] פֿלעגט אויסטרינקען אַ גאַנצן
ירדן מיט בראָנפֿן א, אויסרײַסן גרויסע
דעסבענע ביימער‘‘, ממוס, קליאַטשע.
ח) און פֿאַרבינדט צוויי קאָאָרדינירטע זאַצן
הן בײַ אַ פֿולן הן בײַ אַ טיילווײַזן
פּאַראַלעליזם. ,,ווער וועט מיך צודעקן א, ווער וועט
מיך אויפֿוועקן?,, פֿל. ,,איינער האָט געהייסן
,
בערל א, דער צווייטער האָט געהייסן שמערל,,,
ווײַס. ,,טיף אין וועלדעלע שטייט אַ ביימעלע
א, די צווײַגעלעך בליִען,,, פֿל. ,,די טיר
עפֿנט זיך א, עס באַווײַזן זיך ייִדן, די ש□
ואָטבעלי־בתּים,,, אַש. ,,דער מגיד וויצלט זיך,
דערציילט טשיקאַווע מעשׂיות א, דער עולם
האָט הנאה א, לאַכט‘‘.
ט) און חזרט זיך איבער אַ צאָל מאָל
בײַם פֿאַרבינדן אַ קייט קאָאָרדינירטע זאַצן
(און קען אויך קומען בײַם אָנהייב פֿון דער
קייט). ,,א, דאָס פֿערדל גייט זיך ניט, א,
דאָס רעדל דרייט זיך ניט, א, דאָס (ד□) ווײַב

שילט זיך, א, אַ טרונק בראָנפֿן ווילט זיך,
א, קיין געלט איז ניטאָ“, פֿל. „א, אַז עס
וועט בײַ דיר, דושעניו, די תּנאָים זײַן, די
שׂמחה וועט זײַן דעמאָלט גרויס...; א, אַז
עס וועט בײַ דיר, דושעניו, די חתונה זײַן,
די כּלה וועט אָנטאָן אַ ווײַס חופּה־קלייד...;
א אַז דו וועסט, דושעניו, דאָס ערשטע קינד
גע(ב)וירן, אַ נאָמען זאָלסטו געבן נאָך מיר„, פֿל.

2. מיטן גרונטבאַטײַט פֿון דער קאָנ און
גלײַכצײַטיק מיט אַ בײַטעם פֿון אַרויסהייבן
צו מאַכן עמפֿאַטישער אַלע טיילן פֿון זאַץ,
אַלע זאַצן, אָדער נאָר דעם טייל (די טיילן) צי
דעם זאַץ (די זאַצן) מיט און.

א) און חזרט זיך איבער אַ צאָל מאָל
[אויך 1ט געהער צו דעם פּונקט. עס
באַקומט זיך אַן אַנאַפֿאָר]. „פֿאָרט אלימלך דער
חסיד אַהיים, א, דינגט אַ גרויסע בויד, א,
בעט אויס די בויד ווי אַ בעט...א, מע פֿאָרט
מיט צוויי פּאָר פֿערד אין דער ברייט קיין
לובלין“, פּרץ. „א, דו אַקערסט א, דו זייסט,
א, דו פֿיטערסט א, דו נייסט, א, דו האַמערסט
א, דו שפּינסט, — זאָג, מײַן פֿאָלק, וואָס
דו פֿאַרדינסט?“, זשיט איבז. „אויפֿן ים זעט

מען וואַסער א, וואַסער,,, רייד.

בּ) און צווישן אַלצאיינע ווערטער אָדער פֿון דעם זעלבּיקן שטאַם (אָדער דעם זעלבּיקן באַטײַט) אונטערצושטרײַכן אַן אייגנשאַפֿט וואָס איז פֿאַראַן אין אַ הויכער מדרגה אָדער אַ טואונג וואָס ציט זיך אַ לענגערע צײַט. ,,אַ יישר־כּוח אײַך, איר האָט גערעדט זייער א, זייער גוט,,, רייד. ,,עס ווערט שפּעט א, שפּעטער". ,,ער טוט די אַרבּעט בּעסער א, בּעסער,.. ,,אַ סטאָליער לעבּט א, לעבּט,,, שע. ,,איך האָבּ געקויפֿט אַ פֿלאַש טינט, וועל איך האָבּן א, האָבּן,,, שע, מאָטל. ,,עס ווערט זומער א, זומערדיקער,,, נאַד. ,,קלאָר א, צוויי־מאָל־צווייאיק,,, יג, ווען יאַש איז געקומען. ג) בּײַם פּונקט 2בּ קען און פֿאַרבּײַטן און גאָר אַנדערע', און נאָך וואָסערע'. ,,ס'איז,

פֿאַראַן מענטשן א, — מענטשן". ,,איך האָבּ געהערט חזנים א, — חזנים!,,. ד) און קען קומען אָנהייבּ פֿרעגזאַץ און אין אַן ענטפֿער כּדי צוצוגעבּן עמאָציאָנעלקייט. ,,א, אפֿשר

ווילסטו, קעצעלע מײַנס, נדן?,,, פֿל. ,,א, אַז
דו פֿאָרסט אַוועק, מײַן טײַער זיס־לעבן, אויף
וועמען לאָזסטו מיך דאָ איבער?", פֿל. ,,'א,
דו וועסט טאַקע קומען צו מיר?, — 'א, איך
וועל טאַקע קומען!'" ",א, פֿון הײַנט אָן א,
ווײַטער וועסטו מיך פֿאָלגן?, — 'א, איך
וועל!'" ,,א, דו גלייבסט די אַלע רכילות
אויף מיר?"
ה) און קען קומען אָנהייב אויסרופֿזאַץ
וואָס איז ניט קיין דירעקטער ענטפֿער אויף
אַ פֿראַגע, נאָר דרינגט אַרויס פֿון פֿריִערדיקן.
,,א, אָט אַזאַ שווינדלער וויל דאָס ווערן דער
פֿירער אין שטאָט!,, ,,א, פֿון הײַנט אָן מוזסטו
אים פֿאָלגן!" ו) און קען קומען בײַם
התפּעלותדיקן דערציילן אין אָנהייב פֿון אויסרופֿזאַצן.
,,אַ ייִד אַ למדן, בנגלה ובֿנסתּר, אָבער גאָר
אַ שאַרפֿער למדן און אַ ירא־שמים...א, עבֿרי
האָט ער געזאָגט! אַ וואָרט פֿאַלט ווי אַ פּערל
פֿון מויל...א אַ קול האָט ער געהאַט!
רבונו,
של־עולם, מע זעט גאָר הײַנט אַזוינע
בעלי־תּפֿילות נישט!", פּרץ. אָפֿט אין פֿאַרבינדונג
מיט ו ו י, ו ו י פֿ ל, ו ו אָ ס, ו ו אָ ס ע ר.
,,זי פֿלעגט זײַן פֿריילעך און זינגען. א,

ווי זי האָט געזונגען!“ „אַ בעקעשע אָ פּראַכט. א, וואָסערע זעלטענע סמושקעס!„ ז) און קומט אינגאַנצן פֿאַר זיך (ווי אַ זאַצוואָרט) מיט אַן אָנפֿרעגערישער העכערער סוף־נאָטע (ווי אַן אַרויסרוף צו דערזאָגן דאָס ניט־געזאָגטע). „או־ו־ן□“.

3. מיט אַן אָפּגעשוואַכטן באַטײַט, כמעט מיט אַ נול־באַטײַט אָנהייב זאַץ און אויך אָנהייב פּאַראַגראַף בײַם עפּיש־רואיקן דערציילן. „א, דער מלך פֿון דער מדינה איז געווען זייער אַ קלוגער שופֿט“, פּרץ. באַזונדער אָפֿט אין די דערציילערישע טיילן פֿון תּנך. “אונ, עשׂ ווש אובֿנט אונ, עשׂ ווש מורגן טג איין„, חומש, אויגסבורג 1544. „א, עט איז געווען אָוונט, א, עס איז געווען פֿרימאָרגן, איין טאָג„, תּי, בראשית, א, 5. “אונ, אַבֿרהם ווש אַלט, ער ווש קומן אין דיא טאָגן, אונ, גוט דער בענטש אַבֿרהם מיט אַלרלייא“, חומש, קרעמאָנע 1560. „א, אַבֿרהם איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט; א, גאָט האָט געבענטשט אַבֿרהמען מיט אַלצדינג“, תּי, בראשית, כד, 1. [דאָ האָבן מיר דעם רעזולטאַט פֿון כסדרדיקן פֿאָרטײַטשן טעקסטן פֿון תּנך און דאָס איבערגעבן דעם ו [וואָ□] מיט און. אָט דער

סטיל איז אַריבער אין ייִדיש. דער און איז
אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון דער
דורותדיקער פֿאָלקס־ליטעראַטור און פֿון
פֿאָלקסטימלעכע מעשׂה־ביכלעך ביזן סוף 19. י"ה. אויך
מאָדערנע ש . ייַבערס האָבן איבערגענומען דעם
און: אַ פֿערטל פֿון אַלע פּאַראַגראַפֿן אין
פּרצעס דרייַ חופּות און אַ דריטל אין מסירת
נפֿש הייבן זיך אָן מיט און].
4. און קען קומען מיט אַ צייַט־באַטייַט:
בשעת מעשׂה, אין דער אייגענער צייַט; אויך:

און

גלייַך דערנאָך, תּיכף ומיד, דערנאָו, שפּעטער.
„זי קעמט זיי א, קרייַזלט א, פֿלעכט זיי
קאָקעט, א, סמאל ליגט זיך און רייכערט
אין בעט", פּרץ, מאָניש. „א, מייַן האַרץ
ציט צו דיר, אַזוי ווי אַ מאַגנעט צום אייַזן,
שטאָל; א, די ליבע ברענט אין מיר, זי ווערט
פֿאַרגרעסערט וואָס אַ מאָל" פֿל. „דער ייִד
-
איז געגאַנגען אין וואַלד אַרייַן, האָט ער
געכאַפּט אַ דרימל...איז אים צו חלום געקומען
עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מענטש...א, אין מיטן

חלום האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט“, פּמ.

5. און האָט דעם באַטײַט: אָבער, דאָך, פֿאָרט, פֿונדעסטוועגן. „ער רעדט א, זי שווײַגט„. „האָסט צוגעזאָגט צו שרײַבן א, ניט געשריבן“ פֿאַר אַ באָק האָט מען מורא פֿון פֿאָרנט פֿאַר אַ פֿערד פֿון הינטן א, פֿאַר אַ נאַר פֿון אַלע זײַטן“, שוו. “דאָס אויג איז קליין א, דאָך זעט עס די גאַנצע וועלט“, שוו. „וויפֿל חתנים מ'האָט מיר גערעדט א, דיך האָב איך געוואָלט“, פֿל. „איך האָב געפֿלאַנצט אַ שיינעם ווײַנגאָרטן, א, דער ווײַנגאָרטן איז מיר ניט געראָטן“, פֿל. „ער האָט מיר באַוויזן וואָס ליבע איז א, וויל ניט, איך זאָל צו אים קומען“, פֿל. „עס איז שוין שפּעט אין אָוונט, גאַנץ גלופּסק שלאָפֿט, א, צוויי יִדישע קינדער קענען קיין אויג ניט צומאַכן“, ממוס, ווינטשפֿ. „עפּעס האָב איו אַ פֿאַרלאַנגען, א, איך ווייס ניט וואָס איו וויל“, מר.

6. און האָט דעם באַטײַט: דערפֿאַר, בכן, פּונקט אַזוי, אויף אַזאַ אופֿן. „אויפֿן צווײַגעלע שטייט אַ פֿייגעלע, און דאָס פֿייגעלע

פישטשעט, א, בײַ מיר, אָרעם שנײַדערל, מײַן שוואַך הערצעלע טרישטשעט,, פּל. ,,איז
אָנ,
געפֿאַלן אַ שניי פֿון הימל, אַ גרויסער שניי, א, טעג א, אפֿשר וואָכן וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען,,, פּרץ, ,שׂרה בת טובֿים'. ,,איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטיטשקער, א, ס'האָט זיך מיר שוין געדאַכט אַז עס פֿעלט איר באמת גאָרנישט", פּרץ, ,וואָס דאַרף אַ ייִדענע,.

7. און קען האָבן דעם באַטײַט: און וואָס שייך. ,,די צײַטונג פֿאַרלירט אַנאָנסן א, דער לייענשטאָף ווערט ערגער פֿון טאָג צו טאָג,,, רייד. ,,ער רעדט מיר אײַן, א, איך, דער אַלטער נאַר, לאָז זיך אײַנרעדן,,, רייד.

8. און קען קומען מיטן באַטײַט: אָדער, אָדער גאָר (ווי אַ צוריקציִען פֿון אַ פֿריִערדיקער מיינונג). ,, אַריבערגיין און אים רופֿן?, —
,
'ניין, מע דאַרף ניט. א, אפֿשר זאָלסטו אים טאַקע רופֿן'". ,,מיר וועלן בלײַבן אין וואַרשע אַ וואָסערע צוויי וואָכן א, אפֿשר גאָר אַ גאַנצן חודש", רייד.

9. מיט אַ צווייאיקן באַטײַט, אי פּשוט

פֿאַרבינדן מיטן פֿריִערדיקן אי מאַכן אַן אויספֿיר פֿון דעם פֿריִערדיקן (געניצט ווי אין אַרײַנפֿיר צו אַן אָפּשליסנדיקן זאַץ). „א, לאָז מיך געמאַך„, „א, לאָז מיך צו רו„, „א, פּטור אַן עסק“, „א, קלאָג מיך צום ונתנה־תּוקף„, „א אַזוי בלײַבט עס“ אע.

,

אונא

אונא — די, ־נות [אונע]. אָפּצווײַג פֿון לונג.

[זיי זעען אויס ווי קלאַפּעס]. אין די לונגען זײַנען פֿאַראַן פֿינף אונות: צוויי פֿון דער לינקער זײַט, דרײַ פֿון דער רעכטער. ← אומא.

„א, ווערט גערופֿן איינס פֿון די דרײַ א'ות בײַ דער רעכטער זײַ ו, און די צוויי א'ות בײַ דער לינקער זײַט פֿון דער לונג„, י. זאלער, ספֿר שעדי יצחק II, וואַרשע תּרע„ט.

אונאָ — די. מצ נבֿ. אויך אונ״אָ.
געקירצטער נאָמען פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע '
פֿאַראייניקטע פֿעלקער'. געניצט אין אייראָפּע און
א,,י. ,,יוניצע״ף — די אונ״אָ־אַגענטור פֿאַר
קינדערהילף...,,, היימיש, תּשרי תּשר,,ג.
אונאָ אַ'נימאָ — פֿראַזע. ל (געניצט אין
שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער). מיט איין געמיט,
מיט דער זעלבּיקער מיינונג. ,,מיר זײַנען אַלע
א אַ'״, רייד.

אונאַד(י)ען זיך — אוטוו. ־ד(י)ע זיך, זיך
אונאַד(י)עט. סל. [illegible] דזוו
אײַננאַד(י)ען זיך. ,,שטיף־מאַמעס זײַנען
פֿאַר...
שאָלטענע קליפּות, וואָס האָבּן זיך אונאַדעט
אויף דער וועלט ערגעץ פֿון די סאַמע
טיפֿענישן פֿון גיהנום״, י. טיגער, דער צדיק און
דער בּעל־תּשובֿה, לאָנדאָן 1960.
אונאה — [אוינאָע] די, ־אות. תּח. < בּבֿא
מציעא, פּרק ד, ג אאַ. דאָס בּאַשווינדלען,
אָפּנאַרן, אָדער מצער זײַן עמעצן. דער איסור
א, נעמט אַרום:
1. אונאת ממון [אוינאָאַס מאָמען] אָדער
אונאה בּממון — אומערלעכקייט אין

געלטעניִנים, בײַם קויף און פֿאַרקויף. [אויפֿן סמך פֿון ויקרא, כה, 14: 'וכי תמכּרו ממכּר לעמיתך או קנה מיד עמיתך — אַל תּונו איש את אָחיו,, ← בּבֿא מציעא, נח/▯]. א, איז ווען דאָס אָפּנאַרן באַטרעפֿט אַ זעקסטל פֿון פּרײַז [פֿון אײַנגעשטעלטן — לויט רבֿ, פֿון באַצאָלטן — לויט שמואל. דער דין איז ווי שמואל▯] ווען דאָס אָפּנאַרן איז ווייניקער ווי אַ זעקסטל, נעמט מען אָן אַז דער געקריוודעטער האָט מוחל געווען. בײַ אַן א, קען דער געקריוודעטער לויט זײַן אײַנזען פֿאַרלאַנגען אָדער מע זאָל אים אומקערן דעם אונטערשייד אָדער בּטל מאַכן די טראַנסאַקציע. די צײַט צו פֿאָדערן צוריק די א, איז באַגרענעצט פֿאַרן קויפֿער מיט דער מעגלעכקייט צו ווײַזן אַ מבֿין, און פֿאַרן פֿאַרקויפֿער איז זי לענגער אָדער אומבּאַגרענעצט. [←. בּבֿא מציעא, מט/ בּ און נ/▯]. דער דין פֿון א, איז ניט חל אויף ניט־ייִדישע קנעכט, וועקסלען (שטרות), אומבּאַוועגלעך פֿאַרמעגן (קרקעות) און געהייליקטע זאַכן (הקדשות), אָבער דער איסור בלײַבט: מען איז עובֿר אויפֿן לאַוו — אַל תּונו. ,,זיך צו ערווײַטערן

פֿון א', באַטרוג וגזל,...צו פֿעלשן די

געוויכ9□6

טער,,, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע□tות II, סאַטמאַר תּרל״ב. „— דאָס איז ניט קיין גענאַרערײַ, ניט קיין א', ס'איז אַ זיכערער געווינס“, חג, טמז, 25 IX 1964.

2. אונאת דבֿרים [אוינאָאַס דוואָרי□] אָדער אונאה בּדבֿרים — א) דאָס אָפּנאַרן דורך פֿאַלשע רייד, דורך מאַכן אַן אָנשטעל. [אויפֿן סמך פֿון ויקרא, בה, 17: 'לא תונו איש את עמיתו□]. ווען מע האָט ניט אין זינען צו קויפֿן, טאָר מען זיך ניט דינגען און אַפֿילו זיך נאָכפֿרעגן אויף פּרײַזן. בּ) דאָס מבֿייש, מצער זײַן אָדער וויי טאָן. צו אַ בּעל־תּשובֿה זאָל מען ניט זאָגן: דערמאָן זיך דײַנע פֿריִערדיקע מעשׂים. אויבֿ עמעצער שטאַמט פֿון גרים, זאָל מען אים ניט דערמאָנען דעם אויפֿפֿיר פֿון זײַנע עלטערן. ווען עמעצער לײַדט יסורים, טאָר מען ניט קומען צו אים מיט רייד ווי איובֿס חבֿרים, אַז אַן

אומשולדיקער לײַדט ניט. [← בּבָא מציעא, נח/בּ]. „(ולא אונ, ניט זול בּעטריגן איין מאַן זײַן גיזעלן) דז מיינט איינר זאַל ניט דר צירנן זײַן גיזעלן מיט א, ד, אונ, ניט שטרקן זײַני צונג קיגן אים„, טח, ויקרא, כה, יז. ווי וויכטיק מע האָט געהאַלטן א, ד, איז צו זען פֿון די מימרות:

*גדולה אונאת דבָרים מאונאת ממון [גדוילאָ אוינאָאַס דוואָרים מייאוינאָאַס מאָמען], בּבָא מציעא, נח/בּ — גרעסער איז די עבֿירה און די שטראָף פֿון א, ד, ווי א, מ, [ווײַל בּיַי געלט־ענינים קען מען פֿאַרגיטיקן, אָבּער ניט ווען מע פֿאַרשאַפֿט צער פֿאַרדראָס].

*כל השערים ננעלים חוץ משערי אונאה [קאָל האַש(ע)אָרים נינאָלים כוץ מישאַ'אַריי אוינאָע], בּבָא מציעא, נט/א. אַלע טויערן פֿון תּפֿילה קענען ווערן אָפּגעשלאָסן, חוץ די טויערן פֿון א, (ווען עמעצער איז זיך מצער איבּער א,).

*הכל נפֿרע בּידי שליח חוץ מאונאה [האַקויל ניפֿראָ בּידיי שאָלִיאַך כוץ מייאוינאָע], דאָרטן. אַלע קריוודעס קאָן מען פֿאַרגיטיקן דורך אַ שליח חוץ א, (וואָס מע מוז אַליין מפֿצה זײַן). [לויט רשי: פֿאַר דער זינד פֿון א,

באַשטראָפֿט כבֿיכול גופֿא, אָן אַ שליח.]
*ג, אין הפּרגוד ננעל בפֿניהם: א, גזל ועבֿודה זרה [גימל, איין האַפּאַרגוד נינאָל ביפֿנייהעם: א', געזעל ווייאַוואוידע ͏זאָרע], דאָרטן. דער הימלשער פֿאָרהאַנג פֿאַלט נישט אַראָפּ אויף די דרײַ עבֿירות: א,, גזילה און עבֿודה־זרה (כּדי זיי נישט צו פֿאַרשטעלן פֿאַרן כבֿיכול, ביז ער רעכנט זיך אָפּ פֿאַר זיי).

אַך אַזוי ווײַטער — קירצונג אא״וו, אאַז״וו, אאַזוו. אָפֿטער אויסדרוק בײַם איבעררײַסן אַן אויסרעכענונג פֿון פּרטים אָדער בײַם איבעררײַסן רייד וואָס האַקן זיך איבער, ווען דער ריידער האָט ניט אויף דעם מאָמענט וואָס ווײַטער אָנצודופֿן אָדער וויל מער ניט זאָגן. קומט אויך פֿאַרטאָפּלט.

און אַנדערע — קירצונג א,,אַ, אאַ. אָפֿט בײַם פֿאַרענדיקן אויסרעכענען, אָנרופֿן פּרטים, בײַם איבעררײַסן דאָס אָנווײַזן אויף פּרטים, בײַם איבעררעכענען נעמען.

אונגער

אונאָס פּאַסאָס — פֿראַזע. שפּאַ. נאָר איין

טראָט, עטלעכע טריט, גאָענט צו. „מיר ציִען זיך אַריבער אין דער קאָלאָניע אַרײַן...א, פּ'", מ. רובינשטיין, אַ לעבן אין מעקסיקע, 1952.

אונגאַר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. געניצט אַנשטאָט אונגער (←) פֿון ייִדן וואָס זײַנען ניט געווען קיין שכנים פֿון אונגערן. פֿאַרשפרייט אויך אין ליטרש. אויך מאַדיאַ'ר. נאָמען פֿון לשון און אַדי — אונגאַריש (←אונגעריש) „אפֿשר איז גאַריבאַלדי אין פֿאַרבינדונג מיט דעם א'ישן אויפֿוויגלער קאַשוט", קמ, 12 1864, No. נאָמען פֿון לאַנד אדנגאַרן (←. אונגערן).

אונגוואַר — דזוו אוזשהאָראָד ←. פֿריִער געהערט צו אונגערן, נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה צו טשעכאָסלאָוואַקײַ; איצט צו סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; הויפּטשטאָט פֿון פּאָדקאַרפּאַטן־רוס. צווישן באַוואוסטע רבנים: ר, מאיר אײַזנשטאַט, דער מהר"ם א"ש. זינט 1860 אַ ייִדישע דרוקערײַ בעיקר פֿאַר רעליגיעזער ליטעראַטור. פּסח תּש„ד זײַנען די ייִדן אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אַ געטאָ; טייל אומגעקומען אויפֿ'ן אָרט, דעם איבערבלײַב אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ.

אונגולאַ'ר(יש) — אַדי. ← דוווו. 1. וואָס האָט טלאָען. א'ע בעלי־חיים (פֿערד, העלפֿאַנט, חזיר אאַ). 2. וואָס זעט אויס ווי (דערמאָנט אין) אַן אונגולע. אַן א'ער שניט.

או'נגולע — די, ־ס. < איי >ל. 1. (זאָאָלאָגיע) טלאָ. 2. (געאָמעטריע) טייל פֿון אַ קאָנוס אָדער צילינדער, אָפּגעשניטן מיט אַ פֿלאַך וואָס איז ניט פּאַראַלעל צו דער באַזע.

אָודגליון

ל□. < שברנ, קטז□א, ניט־ צענ— וועך־גיליען] דער. מצ. נב. תל.

פּפֿ: עון־ג

זורירט. נאָמען לגנאי פֿאַר עוואַנגעליע. די נסים ונפֿלאות פֿון זייער אָ־ג'.

אונגען — גנ. שטעטל אין בעסאַראַביע, בעלצער קרײַז. ביז 1882 איז ייִדן געווען פֿאַרווערט דאָרטן צו וואוינען. אין 1897 זײַנען דאָרטן געווען 997 ייִדן, צאָל אײַנוו, 1693. די ייִדן פֿון שטעטל זײַנען אומגעקומען דורך די נאַציס אין תּמוז תּש,,ב. מײַן שטעטל אונגען פֿון ח. באַרקאַן פֿילאַדעלפֿיע 1959.

אונגער — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. פּפֿ: אונגאַר. 1. מאַדיאַר; מיטגליד פֿון אונגערישן פֿאָלק.

[איז אָפּשטאַמיק פֿון אַ נאָמאַדישן שבֿט, געקומען פֿון אַזיע דורך דרום־רוסלאַנד און זיך באַזעצט סוף 9. י,,ה אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פֿון אונגערן.] אבֿ אין שמות דבֿרים, איזנע 1542 פֿאַרטײַטשט 'אונגר, — ,,הגרי‘‘. ,,און האבֿ מײַן זון...במ,,ט [= במזל טובֿ] אַך איין פֿײַבֿ גיבֿן איין אוינגירין‘‘, פּבֿ, 1533 (ייִבֿל XIII,3־4). ,,מײַן ואטיר איז איין גיבֿורנר אונגר, און, מײַן מוטר איז איין פֿרנצוזין‘‘, בבֿא־בוך, 86. ,,זענען זיי געגאַנגען און האָבן געפֿונען אַ לאַנגן אנגיר [= אונגע□], איז ער זיי געפֿעלן געוואָרן,...האָבן זיי אים...גענומען פֿאַר אַ מלך,,, נחבֿ, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. 2. ייִדישער פֿאַמיליע־נאָמען.

אונגער□ ווײַן

מנשה א'. 3. אונגערישער ניגון. אונגערישער טאַנץ. ,,דער שרײַט: כלי־זמר, שפּיל מיר אַן א'!,,, עט, משליס. ,,איך וועל אײַך טאַנצן אַן אינגער גאָר, נאָר אויף די שפּיץ פֿינגער,,, דאָרטן. 4. אונגערישער ווײַן. ,,עס שטייט דעך דאָרט אַ גאַנצער אַקצעפּט...אין גאָנשערס, אין פֿלאַשן, וואָס קומען פֿון גאַנץ וואַט.

פֿראַנץ, א', מושקאַ ; און ווישניק, און מעד
איז עפּעס שלעכט?“, מאַקמאַן.
אונגער־ווײַן — דער, ־ען. דזוו אונגערישער
ווײַן. „אַלטע אָריגינעלע א,־וו, פֿאַרשיידענע
סאָרטן פֿון בעסטע קוואַליטעט צו מעסיקע
פּרײַזן“, אַנאָנס אין פֿגעז, ווילנע 3 1924, No.
„און איז אַמאָל געפֿאַלן אויפֿן האַרץ אַ
טרויער, איז פֿאַראַן א'־וו, בײַם שענקער„,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „ר, מרדכי האָט
אַחוץ זײַן מלומדות מיט רײַכע ייִדישע
התנבּחורים, אויך געהאַנדלט מיט א'־וו'„, ייִט,
טמז, 24 19 0 XII.
אונגעריש — אַדי.   וואָס האָט אַ שײַכות
צו אונגערן (פֿאָלק אָדער לאַנד); וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם מאַדיאַרישן פֿאָלק
אָדער דעם לאַנד אונגערן. א'ע ליטעראַטור,
קולטור. א'ע מאכלים, א'ע בגדים; א'ער ווײַן.
א'ער אונטערטאַן. א'ער גולאַש. א'ע פֿלוימען =
ווענגערקעס, קליינע און וויאָלעטע. „און א'ע
באַרן מיט די רויטע בעקלעך ווילן אַ
ציטער טאָן“, נאַד. א, וואַסער = מינעראַל־
וואַסער פֿון באַרדיעס; אויך יעדער מין
בלעזלדיק וואַסער, וואָס האַלט אין זיך גאַז. „נעם
אונגירש וואַשיר, גמישט מיט רויזן עסיק

איינשׂ זוא פֿיל אלז דשׂ אַנדר, וועש אים
דאַמיט אונטר דיא נאָז", סור פֿיורדא תּפּ"ח.

,

א, קניפּ(ל) = קניפּ מיט לאַנגע נעגל, וואָס
לאָזט קאָנטיקן סימן, ווייטיקדיק. א'ע דײַטשן
= ייִדן וואָס וואַרפֿן אַוועק ייִדיש און הייבן
אָן רעדן כּלומרשט דײַטש.

אונגעריש — דאָס. בא. שפּראַך פֿון
אונגערישן פֿאָלק; מאַדיאַריש. [געהערט צו דער
פֿינא־אוגרישער גרופּע פֿון די אוראַל

אַלטאַ

אישע שפּראַכן; גערעדט פֿון אַן ערך 12
מיליאָן.]

אונגעריש־בּראָד — גנ. שטאָט אין מערן.
[ro(l :טשעכיש ,‏-‏ :‏]-‏1ן ariseb B o(l
[s]he .. אין ספֿרים בּרוד, בּרודא]
דערפֿון פֿאַמיליע־נאָמען בּרוידאָ]. ייִדישע קהילה
זינט 13. י"ה. שטאַרק געליטן בּעת 30־
יאָריקער מלחמה. מקום־מקלט פֿאַר די
אַרויסגעטריבּענע ייִדן פֿון ווין (1670). נתן־נטע

האַנאָווער איז דאָ אומגעקומען (1683, כ
בתמוז), ווען קורוצן זענען באַפֿאַלן די שטאָט.
פֿון דער שחיטה איז געבליבן אַ קינה (אויף
כ תמוז) אין ייִדיש. צווישן די גרויסע רבנים
— ר, דוד הלוי דער ס,,ז (טורי זהב). האָט
דעם סינאָנים בית־לחם הגריי (מגילת סדרים,
בערלין תרנ"ה). אין א'־ב, זענען
פֿאָרגעקומען 3 סעסיעס פֿון וועד מדינת מערן (1676,
1700, 1728). ערבֿ דעם היטלער־חורבן 160
ייִדישע אײַנוו'.

אונגעריש י▯דיש — דאָס. בא. ייִדיש וואָס
איז גערעדט געוואָרן (ווערט צום טייל נאָך

680

איצט גערעדט) אויף דער טעריטאָריע פֿון
אונגערן. א, יי, איז ניט קיין אײנהייטלעכער
ד אַלעקט, נאָר נעמט אַרײַן עטלעכע
רייי
דענישן; אין דרום האָט דאָמינירט
מערבֿ־ייִדיש, אין צפֿון — דרום־מזרח־ייִדיש. ,,דאָס
ייִדיש פֿון דער עטנאָגראַפֿיש־אונגערישער
טעריטאָריע אויף מערבֿ פֿון מישקאָלץ ביז
הלאָהאָוויץ איז,...אַ לשון מיט ספֿק־מערבֿדיקע,

ספֿק־מזרחדיקע שטריכן, אָבער מיט אַן
איבערוואָג פֿון מערבֿדיקע,,, מוו, ויִשפּ XIII, 2־3.
אונגערן — גנ. דאָס. פּפֿ: אונגאַרן. לאַנד
און מדינה אין דרומדיקן טייל פֿון
צענטראַלאייראָפּע בײַ די טײַכן דונײַ און טיסע,
פֿאַרנעמט צווישן ביידע וועלט־מלחמות אַ שטח
פֿון 93'000 קוו, ק,,מ. [1960 — 10 000,000
אײַנוו', 100,000 ייִדן. זינט נאָך דער צווייטער
וועלט־מלחמה אַ 'פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע, אין
ענגער פֿאַרבינדונג מיט סאָוועט־רוסלאַנד.
הויפּטשטאָט בודאַפּעשט. ייִדישע ישובֿים האָבן
עקסיסטירט אויף דער טעריטאָריע פֿון
שפּעטערדיקן א, נאָך אין די צײַטן פֿון דער
רוימישער הערשאַפֿט. בײַ די מאַדיאַרישע
מושלים (זינט דעם 10. י״ה) האָבן ייִדן
געהאַט דעם סטאַטוס פֿון אַ באַזונדערער גרופּע
מיט געוויסע פּריווילעגיעס. רדיפֿות אויף ייִדן
האָבן זיך אָנגעהויבן אין 14. י״ה. און אַ
גירוש אין 1360; סוף 14. י״ה ווידער
אַרײַנגעלאָזן. אין 1737 — 11,621 ייִדן. 1867
— געזעץ וועגן גלײַכבאַרעכטיקונג, אָבער
ייִדן לײַדן פֿון דער פּאָליטישער רעאַקציע.
ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה אַן ערך
אַ מיליאָן ייִדן. אין 1930 — 444'567; 5.1

פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג. נאַציס
האָבן אומגעבראַכט איבער דרײַ הונדערט
טויזנט ייִדן.] „אין דיזן (פּרק) ווערט דר צילט
וואשׂ די יהודים איז איבּר גקומן אין טײַטש
לנד, פיהם, אונגרין, אונ, אין אַלי דיא אום
ליגנדי לענדר“, שאַר.

[איבּער קלאַנגען־ענלעכקייט האָט דאָס לאַנד
און דאָס פֿאָלק באַקומען דעם נאָמען ה ג ר.
סהמ פֿאַרטײַטשט ,והגרים, (תּהלים, פֿג, 7)
— “אונ, אונגרן„]. אויך: אונגערלאַנד.
„דאָרט אין פּרעסבורג, אין א'“, אמד, איינע
פֿערדרייענעס, ווילנע 1873.

א▯I. דאָסגלייכ▯ט)גל▯כז. דזוו און
אַנדעפּפֿ: אוז — — ירצונג אדג„ל, אדגל.
דעס —

רע, נאָר מיטן בולטן אַרויסהייבן די
ענלעכקייט מיט דעם וואָס ווערט פֿריִער דערמאָנט,
אויסגערעכנט. פֿרגל: און ענלעכע.

אונדז — פּראָ. Mhd :וI]ns. אָפּט אונז,
נר. 1. אַקוזאַטיוו און דאַטיוו פֿון מ י ר.
„ווער לערנט א'? ווער זאָגט א, עפּעס?“, רייד.
“ווער וועט א, תּורה זאָגן אויף דער
סעודהניו?„ פֿל. א אַרײַנגערעכנט, האָבן מיר שוין

, ,

אַ מנין. „מיר מוזן נאָכטאָן דער וועלט, ניט
די וועלט א'“, שוו. אבֿ אין שמות דבֿריס
“אונז — אותנו“. „אונשׂ די הייליגא שריפֿט
די וורהייט הט גצלט“, כּ“י 1382, ז, l7. „
אונזרי ווײַבֿר און, אונזרי טעכטר גישוועכט
ווערדן פֿר אונשׂ“, יוסיפֿון, אַמשט l661. „זוא
וואַרן אונשׂ דיא אום בקאַנטי אום רינגלין„,
אַהרן בּר, יוסף, ,איין שיין נײַא ליד פֿון

אונדזער 1

משה“ -[M( ) ,l937 ,2] ד„תּמ ,פּראָג ,'אובֿן
פֿירט אונש אום אין דער מדבּר צו טיטן
אונז „ צאינה, קרח. „אַחוץ א, זענען דאָרטן
געלעגן אויסגעצויגן נאָך עטלעכע ייִדן“, ממוס,
פֿישקע. *איינער פֿון א, = פֿון אונדזער
משפּחה, קרײַז, גרופּע, חבֿרה אע. *בּײַ (
צווישן) א, = אין אונדזער קרײַז, סבֿיבֿה,
שטעטל, משפּחה, פֿאַראיין אע. „בּײַ א, וועט
אַזאַ סקאַנדאַל זיך ניט טרעפֿן!„, רייד. *א, צו
לאַנגע יאָר = בּײַם דערמאָנען אַ
פֿאַרשטאָרבֿענעם.
2. פֿטמ אין פּר (קאָנגרעס־פּוילן, מעג)

אַנשטאָט מ י ר. „גייסט, א, [אינץ] ווען
קומען„, רייד. „מיר האָבן נישט געוואוסט,
א, וואָלטן געקומען“, רייד. „א, האָבן
געקויפּט דעם פלאַץ“, רייד פּאַרוואָס האָבן
„.
זיי דערצו זוכה געווען און א, נישט....,
די רויטע יודלעך, וואַרשע 1870. „דו מיינסט
אַז אינץ ווייסן נישט?“, לייב פּימסנשטיין,
יא צוואָה, לעמבערג 1894. 3. אין די
זעלביקע רר אַ ספּעציעלע קאָנסטרוקציע פֿון
ערשטער פּערזאָן מערצאָל א, + הילפֿסווערב
+ מיר + פּאַרטיציפּ (אינפֿיניטיוו). “א,
זענען מיר געגאַנגען“ [אינץ זעמע(ר) געגאַנע(ן)].
גייטס, א, ווען מיר קומען“. „א, ביידע
ווען מיר חתונה האָבן“, פֿל (פּוילן). „אינץ
קאָנען מיר דאָס נישט משׂיג זײַן מיט דעם
שׂכל“, טעיאַטאָר.
אונדזער 1 — פּאָסעסיווער פּראָ. : M d
unser. אָפּט אונזער, נר. בײַט (בייגט)
זיך ניט, ווען דאָס וואָרט קומט פֿאַר אַ סוב
אין אצ (א, זון, א, טאָכטער, א, קינד, מיט
א, זון..., געבן א, זון...); פֿאַר אַ סוב אין
מצ — אונדזערע (געבן א'ע זין, מיט
א'ע טעכטער...). [ווען א, קומט נאָכן סוב

בייגט ער זיך ווי אַן אַדי: אָט איז דער זון
א'ער, די טאָכטער א'ע, דאָס קינד א'ס, מיטן
זון א'ן, מיט דער טאָכטער א'ער אאַזוו. זיך
מערקן די קאָנסטרוקציע: א'ער אַ זון, א'ע
אַ טאָכטער, א'ס אַ קינד, מיט א'ן אַ זון
אאזוו. אין פּד בלויז א'ס: א'ס אַ קרובֿ,
א'ס אַ קרובֿה. אין אָט די אַלע פֿאַלן איז
מעגלעך צו רעדן וועגן פּאָסעסיווע
אַדיעקטיוון].

1. וואָס געהער(ט), איז שייך צו אונדז.
א, קרובֿ, א, קרובֿה. א, שכן, א, שכנה.
אַ כּפּרה פֿאַר א'ע זינד. „א, רבּיניו, א,
רבּיניו!“, פֿל. „א'ע קינדער זענען גאָטס
וואונדער“, שוו. אבֿ אין שמות דבֿרים: „אונזר
— שלנו“. “און, נאָך דרשן אונזרי רבּותינו
דאז...“, טח, במדבּר, ח, 2. „מיר וועלען ניט
מין [= מיין, מער] זעהן אונזרי עלטרן,„
יוסיפֿון, אַמשס 1661. „ער האָט חרבֿ גימאַכט
אונזר מדינה, ער האָט אונש אין גלות
גיטריבּן“, צאינה, תּרגום שני. „א, בּרויט וועלן
מיר עסן און א'ע קליידער וועלן מיר
אָנקליידן,„ ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש,
לעמבּערג 1877. [אַרכ, ליטרש, טרעפֿן זיך אויך
ענדונגען: „מיר וועלן ווידר אום קערן...צו

דעם גאָט אונזרם גאָט,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661;
,,אבּר אין אונזערן דורות...אין אונזרן קהילות,,,
לט1, הקדמה.] *א, באָבּעס דאגה = ס'איז

אונדזער 11

ניט א, דאגה, ס'אַרט אונדז ניט. ,,איך מיט
אײַך זאָלן אַזוי וויסן פֿון בייזע פּאָקן...א,
באָבּעס דאגה1", י. בּודזאָהן, מאָטקע פליך...,
ווילנע 1927. *א'ע לײַט (מענטשן) = וואָס
געהערן צו א, גרופּע, חבֿרה אע. "א'ע לײַט
זאָלן עס אויסקויפֿן און עס פֿאַרבּרענען צו
אַלדי שוואַרצע יאָר", יפּ. *א, לשון (שפּראַך)
= געווייגטלעך געמייגט יִדיש. יוסף בּן
יעקבֿ מאַרשן, שיני אַרטליכי נישיכטן...איין
שיין נײַא בּיכליין...אוי t דא I גלחות...אין
אונזר שפּראַך..., אַמשט 1711. ,,אומרעספּעקט
צו א, שפּראַך מיינט אומרעספּעקט צו זיך
אַליין", מוו, יִישפּ I, 37. ,,דעם קרײַטער וואָס
מע רופֿט אים אויף א, לשון קראָפּ,,, תּעלה
ארוכה, לבּובֿ 1850. *א'(ע) צײַט(ן) = ווען
מיר לעבּן. ,,אין א'(ע) צײַט(ן) האָט מען
שוין אַזוינס ניט געניצט", רייד. *מײַנע,
דײַנע און א, — ווען קינדער אין אַ משפּחה,

וואו אי דער מאַן אי די פֿרוי האָבן קינדער
פֿון פֿריִערדיקע שידוכים.
2. קומט אַנשטאָט מ ײַ ן אין רייד פֿון
הערשערס וואָס האָבן אונטערטאַנען אָדער
לײַט וואָס ווילן אַרויסשטעלן זייער חשיבֿות,
ווי אויך אין (עדיטאָריעלע) אַרטיקלען פֿון
צײַטונגען, אויך בכלל בײַם שרײַבן. ,,מיר
ווענדן זיך צו א'ע געטרײַע בירגער‟. ,,מיר
האָבן שוין אַ סך מאָל געוואָרנט א'ע לעזער,,,
צ,. ,,מיר האָבן שוין עפּעס אויך
איבערגעהאַט עסקים אין א, לעבן‟, ממוס, קליאַטשע.
3. קומט פֿאַרן וואָרט העלד אע אָדער פֿאַרן
נאָמען פֿון אַ העלד אין אַ מעשׂה בעל־פּה
און אין ליטעראַטור. ,,איז א, בן־מלך אַוועק
זוכן די פֿאַרלאָרענע בת־מלכּה,,. ,,א, בנימין
נעמט אויף די יונגעלײַט גאָר פֿרײַנדלעך מיט
אַ שיינעם ברוך־הבא‟, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה!.
4. אַרכ אַנשטאָט אונדזערס. ,,דיא גזלנים
זײַן גנגן אויף אונ, נידער, האבן דז אונזר
אַוועק גיטרגן,,, ווינץ.
אונדזער [1 — פּערזענלעכער פּראַ. אַרכ.
M d: unser. געניטיוו פֿון פּראָ מ י ר.
געבליבן אין אויסדרוק ,,ווער איז א, גלײַכן,,

און אויך נאָך פטור ווע□ו, (פּך, אוקר) „וועסט
א, ניט פטור ווערן„.
אונדזער איינער — פּראַזע. אויך: א'ס
איינער. ווער עס איז אַזוי ווי מיר,
געהערט צו דער זעלביקער גרופּע, חבֿרה,
פֿאַראיין, משפּחה אע. „פֿאַרלאָז זיך אויף אים,
ער איז א, א', אַ גוטער ברודער„, רייד.
„דאָך האָט איר פֿון א'ס איינעם קיין
אומכּבֿוד ניט געהאַט„, קמ, 12 1868, No. „עפּעס
איז א, איינעם שווער צו פֿאַרשטיין אַז...„,
משה עלבוים, פּאָר, 5 □ 1964 III.
אונדזער אַלעמענס — [אין אַרויסרייד
געוויינלעך: אַלעמעס] פּראַזע. ← אַלע. וואָס
געהער(ט), איז שייך צו אונדז אַלעמען (אָן
אויסנאַם). א אַ, גוטער פֿרײַנד. „א אַ, דרײַ

,
אַרבעטן פֿליסן גלײַכצײַטיק...„, זשיט, דאָס
נײַע לעבן, מײַ 1909. „אַלץ רײַכער ווערט
א אַ, אייגנס, די ייִדישע עטנאָגראַפֿיע„, מוו,

,
ייִפּיל. „אַזוינע קאַטעגאָריעס פֿון א אַ,
דענ.
,

-

אונדזערט(ה)אַלבן — אַדוו. פּפֿ:
אונדזערטסהאַלבן. דזוו דווו.
אונדזערטוועגן — אַדוו. פּפֿ:
אונדזער(ט)סוועגן. פֿטמ אין פר, אוקר. חוו פֿון אונדזערטוועגן. 1. צוליב (פֿאַר, איבער, לטובֿת) אונדז. „איך בעט דיך, טו עס א„„ רייד. „און, ראַכין דיך אונזרט וועגן און, העלף אונז פֿון דיא הנט פֿון המן“, מ. מ[אַ]ן, יוסיפֿון, אַמשט 1743. „א'... פֿאַלט דער הייליקער, דער שטילער שניי„„ בראָד, 'שניי־טאַנץ'. 2. געניצ ן אויך מיטן ב: עס אַרט אונדז ניט, עס גייט אונדז ניט אָן. „א, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל, מיר האָבן זיך שוין לאַנג מייאש געווען“, רייד.
אונדזעריק — אַדי. וואָס געהער(ט) צו אונדז, איז שייך צו אונדז. וואָס איז פֿון דעם זעלביקן קרײַז, חבֿרה, משפּחה, פֿאָלק, ריכטונג אע. ער איז אַן א'ער. „א'ע לײַט שטאַרבן פֿאַר דער צײַט“, רייד (פֿון אַ רופֿא אין ליטע). “זאָגט זי: ס'איז די רעכטע צײַט

פֿאַר די א'ע לײַט,,, בראָד, גש. ,,אָך און ווײ
צו די איצטיקע א'ע געשעפֿטן,,, רייד פֿון
,, .
דער אַמאָליקער פֿאַמיליען־פֿאָרמע האָט זיך
אַנטוויקלט די א'ע,,, דער נײַער גײַסט, נ,,י
1897. אָפּט סוב. ,,געזען אַז קיינער חוץ א'ע
איז ניטאָ, האָט ער זיך אָנגעלאָדן מיט גרויס
נבֿורה“, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה,. ,,אַז אַן
א'ער רעדט אַזוי, מיט וואָס איז ער בעסער
פֿון אַ קלעניק?,,, אָפּאַ, 'פֿײַערדיקע צלמים'.
,,יעדער איינער וואָס געפֿינט זיך אויף דער
זײַט פֿראָנט איז אַן א'ער“, שנ, 1944 [בײַם
איבערגעבן דעם אײַנשטעל פֿון ייִד, סאָוו
שרײַבערס בעת דער מלחמ]. *דאָס א'ע =
וואָס איז אונדז ליב, וואָס מיר ווילן, האַלטן
אַז עס איז ריכטיק. מיר וועלן טאָן (רעדן
אאַ) דאָס א'ע פֿאַרלירן אַלדאָס א'ע. ,,צי

זאָל איך אים טאַקע ווײַטער נישט זאָגן און
מיר — זאָלן מיר דאָס א'ע טון,,, יפּ.
אונדזערסגאַ'ל — פּראַ. > אונדזערס
עגאַל. פּד. ווער עס איז גלײַך צו אונדז,
איז אַזוי ווי מיר. ,,וואָס גייסטו מיט אים?
ער איז ניט א',,, רייד. ,,א, קומט אויס

צו וואַרפֿן זיך אונטער די רעדער,, פּ. בימקאָ,
—
,
דראַמען.
אונדזער(ע, ער) — ← אונדזער I.
אונדזערס — נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו נייטראַל. אונדזערן — דאַטיוו נייטראַל, דאַטיוו און אַקוזאַטיוו מענלעך. פּאָסעסיוועך אדי, געניצט זעלבשטענדיק, אָן סובסטאַנטיוו. ווער עס געהער(ט) צו אונדז. ווער עס איז פֿון אונדזעריקע. ,,דאָ זײַנען אַלע א'ע און דו דאַרפֿסט זיך ניט שעמען,,, רייד. צוויי, דרײַ אאַזוו א'ע. ער איז יאָ (ניט) פֿון א'ע.
,,האָסט שוין גערעדט מיט א'ן [געמיינט בעלהבית] וועגן שכירות?"', רייד. ,,א'ע אַלע האָבן געשפּראָכן מיט אים אַראַביש,,, אמד, די וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע 1868. ,,א'ער זיצט ווי אַ מלאך און טראָנט,,, יהואָש, 'זכר לחורבן'. דאָס אַלץ איז א'ס. ,,וואָס איז א'ס וועלן מיר ניט איבערלאָזן אַפֿילו אַ האָר,,, רייד.

אונטן

אונדעצימאָ — דער, ־ס. (מוזט) עלפֿטער טאָן פֿון קלאַוויאַטור. א אַקאָרד — געבויט

,

אויף דער עלפֿטער נאָטע, פֿון דאָ ביז לאַ,
אַמ: פֿון סי ביז לאַ.
אַתּה — ← אונא. „קאָן מעו איין שיסל
נעמען די אונה אַרײַן צו ליגן“, עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796.
און ווײַטער — 1. דזוו אוו שפּעטער, און
דערגאָך. „א, וו', זאָל ער טאָן, ווי ער
פֿאַרשטייט. ווענען גייט עס אָן“. 2. חוצדעם.
„א, וו, טו ווי דו פֿאַרשטייסו„..
אונז — ← אונדז.
אונטן — אַדוו. un(le .d: M. היפּוך פֿון
א ו י ב ן, אַדוו ←. tבּ אאַ פֿאַרטײַטשן ,תּחת,
— אונטן. 1. ווײַזט אויף אַן אָרט אָדער
טייל פֿון אַ זאַך וואָס איז נידעריק אָדער
נידעריקער פֿון אַן אַנדער אָרט אָדער אַן
אַנדער טייל פֿון אַ זאַך. א, אין טאָל. א,
אויף דער לעצטער פּאָליצע. אויבן שײַנט די
זון און א, קריכן ווערעם. פֿון אויבן ביז א,.
„מיר זענען הויך געפֿלויגן. [רופֿט ער זיך
אָן] ישׂראליק...קוק, זײַ מוחל, אַראָפּ א', וועסטו

עפּעס זען און הערן,,, ממוס, קליאַטשע.
,,איך וועל דיר טאָן אַ דראַפּעלע...א, אויפֿן
פֿוס“, ממום, ווינטשפֿ. ה ע ט א', ו ו ײַ ט א'.
,,(פֿון) אויבן פּוץ, (פֿון) א, שמוץ; (פֿון) אויבן
געסטראָיעט, (פֿון) א, גערעאָיעט“, פֿוול.
2־ ווײַזט אויף אַ באַשטימטן נידעריקערן
טייל פֿון אַ בנין, אויף דעם קעלער,
אונטערשטן אָדער נידעריקערן גאָרן. אויבן, אין
דאַכקאַמערל, און א', אין קעלער. די שכנים
פֿון א'. ,,אונ, זיא קערט איר הויז אַך גאַר
ריין פֿון א, אויז ביז אובן,,, ספֿר משלים
.
(קוא בוך), מג/ד.
3. ווײַזט אויף אַ טייל פֿון אַן
אָפּגעגרענעצטן שטח (קאַמער, צימער, זאַל אע) וואָס
איז נעענטער צו דער טיר, צום אַרויסגאַנג
און ווײַטער פֿון אויבנאָן. זיך זעצן גאָר א',
אויף דער לעצטער באַנק. ,,די גבֿירים אויבן
בײַ דער שפּיגלוואַנט און די קבצנים א,,
הינטערן אויוון“. ,,בעסער זעץ זיך א', מע
זאָל דיך בעטן זיך זעצן אויבן, איידער זיך
זעצן א, און מע זאָל דיך הייסן זיך זעצן
א'“, שוו.
4. אויף דער (זינדיקע) ערד ווי אַ היפּוך

צום הימל. ← א ו י בּ ן, אַדוו, בּ3. ,,גאָט
זיצט אויבּן און שטראָפֿט א',,, שוו. ,,גאָט
לעבּט (זיצט) אויבּן און בּאַגראָבּט א'“, שוו.
,,גאָט זיצט אויבּן און פּאָרט א',,, שןו. [אויך
איר ,,...און פּאָרקעט א'“, ווענן אַן
אומגעראָטענעם שידוך.] ,,און אויך א, איז דאָ אַ
פּאַסיקע צײַט פֿאַר איטלעכן מענטשן וואָס
[דעמאָלט] בּינדט ער צו זײַן חכמה, בּינה
און דעת צו גאָט“, תּניא, לבֿ. ,,דאָרט רוען
זיך אויס די בּיינער וואָס זוכן ניט א, דאָס
גליק“, אבּג, 'דער יוד אין קיִעבֿ, [הש I].
,,דשׂ בּית דין פֿון אונטן איז ניט מעניש
נייעדט בּיז דשׂ ער בּרענגט (שתּי שערות)“,
טח, בּמדבּר, טז, כז. “מלכותא דאַרעא כּמלכותא
דרקיע — אויבּן און א, איז גלײַך,,, פּרץ.
,,אַ מענטש קלאַפּט זיך ניט אָפּ דעם

פֿינאונטן

גער א', איידער מע בּאָשטימט עס ניט פֿון
אויבּן,,..
5. ווײַזט אויף אַ נידעריק(ער)ן שטאַפּל
אין דער געזעלשאַפֿט, אויף אַ נידעריק(ע□)ער
מדרגה אין אַ ריי ווערטן. בּאַנקראָטירן און

זיך אַראָפּגליטשן א'. ← א ו י ב ן, אַדוו, בּ4.

6. ווײַזט אויף דעם וואָס איז אינעווייניק, הינטער דער אייבערפֿלאַך. „אויבן פּוץ, א, שמוץ“, „אויבן פּיקס, א, ניקס“ פֿוול.

,

7. ווײַזט אויף דעם וואָס ווערט שפּעטער געשריבן, דערמאָנט, ציטירט פֿאַרצייכנט.

,

„מיר וועלן עס א, אויסרעכענען“. „פֿיל שיינע משלים, ווי מען עס ווערט אין דיזן ספֿר פֿינדן, ווען מען ווערט עס לייענען פֿון פֿאָרן ביז א'“, משל הקדמוני, אוסטרהא 1808. „אויך אַ ים אָנצייכענישן [= הערות] וואָס אין לשון־הקודש שטייען א, זענען אין דעם טײַטשן נישטאָ“, יפּ. “מיר א, געחתמעטע“.

8. ווײַזט אויף דעם וואָס איז נידעריקער אויף דער מאַפּע, מער אויף דרום אָדער אויף דעם לעצטן, נידעריקערן טייל פֿון אַ טײַך, שטראָם. „קיִעוו איז אויבן, אַדעס איז א א'“, רייד. ריגע, א, בײַ דער דווינע.

9. ווײַזט אויף אַן אונטערשטן טייל קערפּער וואָס מע וויל ניט אָנרופֿן מיטן נאָמען. עפּעס אַן אויסשיט א'. א', אין די ענגע ערטער. „וואָס גלײַכסטו הודו צו כּוש? הודו

איז אויבן און קוש א'", פֿוּול. ווייצענער א',
ווייצענער תּחת = אַ בּעל־גאווה, אַ יחסן
[קלינגט ווי: וויי צו מיד].
1O. אַנשטאָט דעם אַדוו ה י נ ט ן]
ניטבּכּיוון, נאָר איבּער פֿאָנעטישע טעמים: י
אַנשטאָט ו, ה פֿעלט]. „דער גנבֿ האָט זיך
געשטעלט אונטער [= הינטער] אַ פּאָפּ, און
אַ פּאָפּ גייט דאָך פֿון אונטן [= הינטן]
נאָכגעהאַנגען אַזאַ בּאַשליק", פֿמ [בּײַ אונז
יודן, וואַרשע 1923 ▯ .
אונטן — דער, ־ס. סובּ פֿון אַדוו אונטן.
(←. דפֿוו).   1. נידעריק(סט)ער טייל פֿון
עפּעס (בּנין, בּוים אאַזוו). פֿונדאַמענט. ערשטער
גאָרן פֿונעם אויבּן בּיזן א'. דעם א, פֿאַר
א
-
.
נעמט אַ שכן און דעם אויבּן דער בּעל־הבּית.
2. ערד (להיפּוך צו הימל). בּאָדן. „דער
א, שמאַכט, דער אויבּן לאַכט„, שוו. [חל
אויך אויף בּ3.] „אַז דער א, האָט נאָר
שטיינער, האָט ניט דער אויבּן קיין פּירות„.
3. נידעריקע געזעלשאַפֿטלעכע שיכט(ן). „פֿון   א
א, און פֿון טיף וואַקסט עפּעס וואָס מיר
רופֿן — די מאָדערנע ייִדישע קולטור", ימ,

פֿון אַן אויסגאַבע וועגן ייִוואָ, קאָוונע 1926.

4. (שנײַדעריש) אונטערש￼ער טייל פֿון אַ מלבוש. פֿאַרריכטן, קירצן פֿאַרסטריגעווען

,

דעם א'. אַרומגיין מיט אַן א, וואָס האָט פֿראַנדזן. אַן א, מיט אַ פֿאַלבאָם. 5. (שוסטעריש) פּאָדעשווע. אַ לאַטע אויף ביידע א'ס.

6. (חזניש) נידעריקע טענער. „די אויבנס און די א'ס וואָס אַ מײַסטער באַקומט אַרויס [פֿון אַ (זײַן) כּלי]“, ייִט, טאָג, 18 III 1961.

7. הינטן (אַ ביסל איידעלער) [ספּעצ אין יענע דרומדיקע רר וואָס האָבן ניט קיין ה]. שמײַסן אויפֿן נאַקעטן א'. ״די מערבֿ־וואַנט האָט געטענהט פֿאַרוואָס מע שטייט צו איר

,

682

מיטן א', האָט מען איר געענטפֿערט: וואַרט, צו 'בואי בשלום, וועט מען זיך צו דיר פֿאַרדרייען מיטן פּנים און בוקן זיך“, לויט יע, דאַוונען, וואַרשע תרע„ח. „מיט דער נאָז האָבן מיר באַלד אָנגעשמעקט וואָס דאָ טוט זיך אין חדר...אויף אַלע פֿאַלנס וועלן מיר

שוין ליגן מיט דעם א, אַרויף,,, זאבֿ הלוי,
דער רבי קלמן סענדערם, באַרדיטשעוו 1906.
*רייַבן אַן א, אין (אָן) אַן א, = זײַן אין
ענגשאַפּט, צווישן אַ גרויסן עולם. *ס'בײַסט
אים דער א, = ער קריכט אין
געפּערלעכע ערטער. *האָבן ווערעם, (שפּילקעס) אין
א, = ניט קענען אײַנזיצן אויף אַן אָרט.
8. אונטערלײַב. טייל פֿון קערפּער וואָס
איז נידעריקער ווי די ברוסט. ,,בלײַבט ניט
אַנדערש ווי וואָס גיכער אַרויסצופֿירן די
שעדלעכע שטאָפֿן [פֿון מאָגן] אויף אַן אַנדער
וועג, ד"ה דורך א',,, צש, פֿגעז, ווילנע 1925,
9. No 3. געשלעכטלעכער אָרגאַן, ספּעצ
פּרויאישער. גראָב. ,,ס'פּנים ברענט און צום
א, די הענט,,, פּוול.
ונטנאָ'ן — אַדו▯ & סובֿ, דער, ־ס.
געשאַפֿן פּאַראַלעל צו אויבנאָן ←. אויפֿן
נידעריקסטן אָרט. אויפֿן לעצטן אָרט, אין דער
לעצטער ריי. אויף דער נידעריקסטער
פּאָזיציע. (צו) מערבֿ־וואַנט אָדער מערבֿ־באַנק
אין בית־מדרש. ,,אַך ווען איך בײַא דיא
אַרמי לײַט אונטן אַן זיץ, זוא קאַן איו
הערן,,, מבֿ, מעשׂה קפּו. ,,ער זאָל ניט מקפּיד
זײַן וואו דז ער זיצט, ווען ער שון גאַנץ

אונטן אַן זיצט, דען דיא שטאַט איז דען מענשן ניט מכבד, (אַדרבה) דער מענש איז דיא שטאַט מכבד", לט1, נא/א. „און, אַלי טאָג איז ער אין בית־המדרש גאַנגן און, האָט זיך אונטן אַן גיזעצט„, t ה, אַמשט 1723l, כח/ד. „דער בונדישער א'", ייִט, פוילן II י. אויך פּרעפּ. „די מוטער, וואָס איז איצט געזעסן א, טיש אַנטקעגן מאַן, האָט פֿון אַ זײַט געקוקט", ב. טייטלבוים, אויפֿן שוןעל, וואַרשע 1933.

ונטדאַרוי' — צגז אַדוו. פֿטמ פֿון אונטן אויף אַרויף. קריכן א'־אַ'. *ס'גייט אים א' אַ, — ס'קומט אָן שווער צו האָבן פּרנסה, זיך ארויפֿצוארבעטן [געווינטלעך. פֿון אונטן אַ־ — .
רויף].

תטדאַרום — צגז אַדוו. 1. פֿון אונטן און אַרום. באַקוקן א'־אַ'. „א'־אַ, זײַנען בריזגעס געהאַנגען", י. בודזאָהן, אַ מע ה פֿון אַ רבֿ..., ווילנע 1927. 2. אייגנטלעך תינטןאַרום. באַהאַלטענערהייט, בשתיקה; ווען מע זעט ניט [פֿאַרשפּרייט אומעטום וואו ניטאָ קיין חילוק אין אַרויסרעדן אונטן און הינטן,

ערטערוויַיז אויך אין לר]. „כאָטש דער שווער
האָט די העזה נישט עפֿנטלעך עפּעס צו טון,
טוט ער דעם רבין זאָל לעבן א'־אַ, וואָס
ער קען און בילט אויף אים שטילערהייט“,
יפ. „גיבן אויך אַכטונג...קיין מענטש זאָל
ניט א אַ, עפּעס מייתר זיַין„, קמ, 1863,
'־

No 24. “זיי האָבן זיך ניט באַגנוגנט
מיטדערמיט און א'־אַ, האָבן זיי אָנגעשרויפּט...„,
ייִפּאָל, 24 XII 1881.

אונטער

אונטןגעבראַכט (געברענגט) — אַדי.
וואָס ווערט דערמאָנט (ציטירט) שפּעטער,
וויַיטער. זען די א'־ג'ע ציטאַטן, ביַישפּילן,
נעמען אע. „די פֿראַגן וואָס מיר שטעלן אין
דער א'־ג'ער אַנקעטע“, דר, פֿישל שניאורסאָהן,
די געזעלשאַפֿט, די שול און די דעפֿעקטיווע
קינדער, וואַרשע 2 ￼ ￼
אונטנדיק — אַדי. [אַזוי ווי אונטן קען ניט
זיַין קיין אַדי, ווערט געשאַפֿן דער אַדי פֿון
אים מיט דער הילף פֿון סופֿיקס ־דיק].

1. וואָס איז אונטן (מיט אַלע בּב).

אַרויסנעמען די א'ע שטיינער. א'ע הערה. 2.

אונטן־דערמאָנט, אונטן־געבּראַכט. א'ע ראַיות.

אונטדדערמאָנט (־מאַנט) — אַדי. וואָס ס'ווערט וועגן דעם געשריבּן שפּעטער, ווײַטער, אין דער אונטערשטער העלפֿט פֿון זײַט אָדער אויף אַ ווײַטערדי ער זײַט. אויך אונטן־ציטירט, אונטן־פּאַרצייכנט. א'־ד'ע פּרטים. „בּיז אַ צײַט פֿון פֿינף יאָר פֿון דעם א'־פֿאַרצייכנטן טאָג...“, תּניא, הסכּמה.

אונטן־וועלט — די. מצ נב. די וועלט פֿון אונטן (← בּ2). 'עולם־הזה', די־וועלט. צײַט.

אונטנסטע(ר) — סופּערלאַטיוו פֿון אונטן, אויפֿגענומען ווי אַן אַדי. „ער איז פֿון די געמיינסטע, די א'“, רייד. ציטאַט ← אונטנקייט.

אונטנצו — אַדוו. אין דער ריכטונג צום אונטן, אויף אַראָפּ, אַראָפּצו. קוקן מיט איין אייגל א'. „אַדאַנק דעם וואָס די פּאַסאָל־בּלעטער לאָזן זיך אַראָפּ אָוונטצײַט אויף א', בּאַדעקן זיי זיך ניט אַזוי פֿיל מיט נאַכטטוי“, ד. האָכבּערג איבּז, אָ. שמייל, געוויקסן, מאָסקווע 1920.

אונטנקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אונטן [הגם א ו

נט ן איז ניט קיין אַדי, נאָר אַן אַדוו, קען
מען דאָך שאַפֿן דעם נעאָל אויף ־קייט].
,,אונטנסטע א, איז מיר געבליבן...צינד, לילית,
מיר דײַן שײַטער אָן,,, צײַט, געזאַמלטע
לידער II. ,,דער וואָס שאַפֿט פֿרידן אין זײַנע
הייכן וועט ברענגען שלום אין דער א',,,
צײַט.
אונטער — פּרעפּ. M□d: un(ler. 1 .ווײַזט
אויף אַן אָרט וואָס איז דער היפּוך פֿון א ו י ף
אָדער א י ב ע ר. "בעסער ווי אַ פֿיש אויפֿן זאַמד
איידער ליגן א'ן זאַמד", שוו. ,,א, דעם קינדס
וויגעלע שטייט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע,,, פֿל. ,,א, די
גרינינקעביימעלעך שפּילן זיך משהלעך,
שלמהלעך,,, ביאַליק. ,,א, אַ קליין ביימעלע
זיצן יינגלעך צוויי", פֿל. א, דער חופּה. *זיי
זײַנען א, דער חופּה ניט געשטאַנען =
קיינמאָל ניט חתונה געהאַט על־פּי דין. ,,וואָס
איז א אַ פּערענע? וואַרעם,, פֿרש. ,,גרויס
ווי א פֿײַג א, א דעכעלע" פֿפֿ. ,,נעבן אים
די שיינע ציג זיצט, די פֿיסלעך א, זיך",
שע, אָרעמע און פֿריילעכע. ,,צפֿת שלאָפֿט
א אַ ווײַס־גרויען נעפּל", אסתּר שומיאַטשער,

,
לידער, 1956. ,,אַזוי גייט אַלץ מער אַרײַן אין
באַנוץ דער אויסדרוק אַוועקשטעלן דאָס
פּינטל א, דער יוד,,, זר, ייִפֿאַ, 1938, 2. ,,דאשׂ
איז איין תּפֿיסה אונטר דער ערדן...,,, אַ

,

אונטער

פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1732 [
וואַכשטיינבוך, ייִוואָ]. ,,לײַדשׂ ויל אונ, אונגמאַך וואונט
אַלשׂ אונטר זײַנם טאך,, [= אַ סך לײַד און
אומרו וואוינט אַלץ א, זײַן דאַך], שמואל
הוגרלן, 15. י,,ה [ריבֿ, אַזאַרטשפּילן בײַ
ייִדן]. ,,האָבן דיא חכמים מתקן געוועזין איין
ברכה אונטר דר חופּה (שׂמח תּשׂמח)...צוויא
פֿרייד איני אויף דער וועלט, אייני אויף יענר
וועלט", בראַנט. ,,דאָס איז די צורה פֿון דעם
חתן און כלה שין, ווי זי מיט אַנאַנדער א,
די חופּה גין", משל הקדמוני, אוסטרהא 1808.
*א'ן (פֿרײַען) ה י מ ל = ניט אונטער אַ
דאַך. ,,מן פּפֿלעגט דיא ברכה [פֿון מקדש
זײַן] א, דעם הימיל מאַכן צו איינם גוטן
סימן דז איר זרע זײַן ככוכבֿי השמים לרובֿ,,,

סנהגיס...דורך דאָס גאַנץ יאַר, ווינדיג, ש"ן, קטז/ב. ,,האָט דער שׂטן געוויזן...גלײַך ווי מע טראָגט משה רבּינו א, דעם הימל [דאָ פּשוטו כּמשמעו] אויף אַ מיטה", מע□tה אומן.

,,מע זאָל מעגן פֿאַרזאַמלען זיך, וואו מע וויל, א, דעם פֿרײַען הימל, אויבּ מען וויל,,, בּ. בּ־קי, וואָס איז אַ קאָנסטיטואירנדע פֿאַרזאַמלונג, זשענעוו 1905. *א'ן אָ ר ע ם = צווישן אָרעם און קערפּער. ,,ער טראָגט דעם ספֿר א'ן אָרעם,,. *א, איין דאַך = אין דעם זעלבּיקן הויז. ,,דו האָסט דיך גליקלעך געשעצט מיט דײַן בּרודער צו וואוינען א, איין דאַך", ד. א. פֿרידמאַן, בּש, בּאַרדיטשעוו תּרנ,,א. *א, דער ז ו ן [< תּחת השמש] = א) אומעטום אויף דער ערד. ,,וואָס איז געוועזן דאָס וועט זײַן, און וואָס איז געשען דאָס וועט געשען, און ניטאָ קיין נײַס א, דער זון,,, תּי, קהלת, א, 9; בּ) די־וועלט. ,,אַ תּורה פֿון 'דרוש וקבּל שׂכר, אויף יענער־וועלט, אָן שום בּאַציאונג מיט דערוועלט, מיטן לעבּן א, דער זון,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

2. ווײַזט אויף אַן אָרט וואָס איז נידעריקער פֿון עפּעס. ,,ער האָט אַ מכּה א'ן

האַרצן", "עס פֿאַרקוועטשט א'ן לעפֿעלע„ (←).
פֿון דעמאָלט א'ן האַרץ בײַ אים אַ קוואַל

אויסגעבּראָכן", אשט, מײַסעלעך. „ווש ניט
איז גילעגן אונטר דען פֿוישן [= פֿי] זײַן
זיא דער נאָך גישטיגן", ווינץ. „דער כּבֿוד
התּורה וואָס ווערט נעבּעך צעטראָגן א, די
פֿיס פֿון אונדזערע פֿײַנד„, שמו פּלאי, ספֿר
האמת והשלום, לעמבּערג 1893. „בּרוגז
געוואָרן דער לאַטיק, אַנטלאָפֿן, געלאָזט מיך
מיט אַ פּעקל א, דער נאָז [= מיט אַ
בּײַכל]„, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922.
„עס איז געוועזן אַ יאָמערלעך געשריי דאָס
איז געגאַנגען א, די וואָלקן", תּרגום שני,
יאַס 1843. „אַ געוואַלד, אַ געשריי, אַ
געקוויטשערײַ איז געגאַנגען בּיז א, דעם הימל",
ימבּר"ע, שפּדינצע מירל..., בּוקאַרעשט 1878.
„קאָפּל איז געזעסן אין קלייט א, דער
סטויקע איינער אַליין„, ש. בּעקערמאַן, דער
זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887. (גיין, זײַן,
קריכן) א'ן ט י ש = זײַן קליין, אַ קינד.
„און וואו זײַט איר געווען ווען מיר האָבּן
געקעמפֿט אויף בּאַריקאַדן? — א'ן טיש!"
*(גיין, זײַן) א, דער ע ר ד = אין צרות,

פֿאַרמרה־שחורהט. ״דער טאַטע גייט אַרום
א, דער ערד״, ייִל. *די ערד בּרענט אים א,
די פֿיס = א) אײַלט זיך זייער שטאַרק;
בּ) איז אין גרויס סכּנה.
3. ווײַזט אויף אַ מצבֿ פֿון זײַן בּאַלאָדן,
בּאַשווערט, געדריקט. „צונויפֿגעדרייט א, דער
שווערער משׂא״. א, אַ חשד, א, אַ יאָך, אַן
עול, אַ דרוק אאַ. „פֿינף און צוואַנציק יאָר
ריינע סלוזשבּע א, דער בּיקס, חוץ די
קינדערשע יאָרן אַלס קאַנטאָניסט״, פּרץ. „א,
דונער און בּליץ, א, יאַפּאַנישע קוילן, זאָל
זײַן דערבּײַ ערד־ציטערניש — האַנדל,
וואַנדל!״, פּרץ. א, פֿ ײַ ע ר = אין אַ סכּנה
(בּײַם בּאַשאָסן ווערן, בּאַשולדיקט ווערן אאַ).
א אַ ק ר י י צ פֿ אַ ר ה ע ר.

4. ווײַזט אויף אַ מצבֿ פֿון זײַן
נידעריקער (סאָציאַל, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש) און פֿון
ווערן בּאַהערשט. „א'ן פּאַן איז יאַן און א,
יאַנען זײַן פֿערדל״, שוו. „בּעסער זײַן א,
קלוגע אונטערטעניק איידער איבּער נאַראָנים

אַ קעניג", שוו. „ער איז שוין געווען אויפֿן
פֿערד און א'ן פֿערד„, „ער איז שוין געווען
אויף דער באַנק און א, דער באַנק" פֿוול
[אויך מיטן ב1] = אין אַ גוטן און אין
אַ שלעכטן מצבֿ. „מן זאַל אַל צײַט אונטר
זיך זעהן אונ, ניט איבּר זיך. דאשׂ מיינט
מן זאַל זעהן אויף דיא לײַט דיא וויניגר
האבּן אונ, ניט אויף דיא לײַט דיא מער
האבּן„, בּראַנט. „צום גאָבּירניר פֿון דער
גאָבּערניע וואָס דער חכם מיט דעם תּם זענען
א, אים„, נחבֿ, כז/ב. „פֿעלקער זאָלן פֿאַלן
א, דיר„ ['תּחתּיך], תּי, תּהלים, מה, 6. „א'ן
טערק איז ייִדן געווען בּעסער ווי א'ן רוס".
*זײַן א, דער (דעם) ראָד = ווערן געדריקט,
זײַן אין אַ שלעכטן מצבֿ. „אַז מען איז ח"ו
א, דער ראָד ווײנט מען פֿון
פֿאַרבּיטערטקייט און קלעמעניש„, לדבּ, נ"י תּשי„ז.
5. ווײַזט אויף אַ מצבֿ פֿון גײַסטיקער,
מאָראַלישער אונטערגעוואָרפֿנקייט. א, דער
השפּעה, ווירקונג; א, גײַסטיקער אָנפֿירערשאַפֿט.
א אַ חובֿ, אַן אָבּליגאַציע. א, דער רעדאַקציע
,
פֿון... „א, אַ שבֿועה וועט ער קיין ליגן ניט
זאָגן„, רייד. א, דעם אָנגענומענעם

סטאַנדאַרד. א, דעם מזל, דעם שטערן =
באַווירקט, באַשטימט פֿון דעם גאַנג פֿון שטערן.
,,מיר זאָגן יודן מזל, דאשׂ איז צו פֿר שטין
יהודים זײַן ניט אונטר דען שטערין אונ,
מזלות, הקבֿ"ה נימט זיא אין זײַן שוץ,,,
בראַנט, פּרק כו.
6. ווײַזט אויף אַ מצבֿ פֿון זײַן באַשירעמט,
געשיצט (אויף דער פֿאַרהעלטעניש פֿון אַ
שוואַכערן לגבי אַ שטאַרקערן כּוח). א
אַפּי,

טרופּסות, השגחה, שוץ אאַ. א'ן
פּראָטעקטאָראַט. א, אָבסערוואַציע (פֿון דאָקטער,
פּאָליציי). א, אויפֿזיכט פֿון געניטע לערערס, א'ן
שוץ פֿון געזעץ אאַ. א, דער מאַרקע, דער פֿירמע.
א'ן נאָמען, א, אַ פּסעוודאָנים אאַ. ,,זי זאָל דיר
געבן מוט און נעמען א, איר שוץ,,, ממוס,
טאַקסע. א, די פֿליגל(ען) פֿון דער שכינה
[< תּחת כּנפֿי השכינה]. א, דער השגחה עליונה.
,,עז זאַלן אויף דיר קומן פֿיל ברכות דז

אונטער

דוא מיך האַסט גיבּראַכט אונטר דיא (כּנפֿי השכינה)“, טח, שמות, כח/ד.

7. האָט אַ כּ מ ו ת־בּאַטײַט: ניט ווייניקער ווי. [דאָ ווערט אַ געוויסער סכום בּאַטראַכט ווי אַ שטאַפּל, און אַלץ וואָס איז קלענער ווי אָט דער סכום איז אונטער דעם שטאַפּל]. „איין יהודי זול קיינם גוי לייאן דיא מאה אונטר י“בּ גדולים ריבּית בּכל שבֿוע“, תּקק. „וואָס וואָלטן ייִדן געטאָן, ווען יאָזעפּ...וואָלט ניט ווען אויסהייצן שבּת די אויוונס א, אַ צענערל?„, אַר. „א, הונדערט טאָלער וועל איך עס ניט פֿאַרקויפֿן„, “אַ מיידל דאַרף ניט חתונה האָבּן

א אַכצן״, „עס וועט ניט גיין א אַ פֿינף־
און, ,
צוואַנציקער„. ׳:א, דער וואָג = ווייניקער ווי
עס דאַרף זײַן די וואָג. פֿאַרקויפֿן א, דער וואָג.
„מע דאַרף...זיך אָפּוועגן און טאָמער איז מען
א, דער וואָג איז דאָ אַ מיטל: שרײַען אַז די
וואָג איז אַ פֿאַלשע„, נאַד, טינט און פֿעדער,
נ״י ׳ 193.
8. האָט אַן ע ל ט ע ר־באַטײַט: וואָס איז
ייִנגער פֿון (אין וורר, באַווירקט פֿון די בבֿ4
& 7)... „אוי מײַן לעבן...מײַן לעבן...איך לעב
אויך אויף דער וועלט...דאָס איז אויך
גערעכנט א, זיבעציק יאָר לעבן? אַז אָך און
ווײ!״, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה..., ווילנע
1860. ״די עלטערע מיידל, א, ברוכקען, די
צוועלפֿיאָריקע, שׂרהקע, און די מיטלסטע א,
שׂרהקען...„, אַר, פֿאָר, 26 1938 II. (אומעטום)
„קינדער א, פֿינף דאַרפֿן ניט צאָלן״ אאַזוו.
„אונטר דשׂ יאָר (= אויבֿ דאָס געשטאָרבענע
קינד איז ווינציקער ווי אַ יאָר אַלט] מאַכט
מען אים קיין קיטל״, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר
החיים, זולצבאַך תקנ״א. „האָט קיינעם נישט
געזאָגט: דו, [ער] האָט געאירצט אַפֿילו אַ

ייִנגל א, בר־מצווה“, צײַט, טמז, 24 ▯ 1964 II.

9. האָט אַ צ ײַ ט־באַטײַט: פֿאַר, איידער, נאָנט צו, ערבֿ (זן אויך: בשעת). „מוזן צו אים אָנקומען א אַ יום־טובֿ“, ממוס, ווינטשפֿ.

,

„א אַ פֿאַר־פּסח אַשטייגער, ווען עס לאָזט
או,
מעטום“, ממוס, פֿישקע. „פֿלעגט...אַלעמאָל אויסלײַען דעם שמשׂ און דער שמשׂ'טע עטלעבע גראָשן א, אַ שבת“, שע, ,קאָנקורענטן'. „אַ קרובֿ...וואָס לאָזט זיך א, אַ שלעכטער צײַט אויך אַ ביסל מעלקן„, ממוס, מסעות. געוויינטלעך קומט דאָ נאָך א ו נ ט ע ר אַ, אָבער אויך: „א, דעם זעלביקן פֿאַרנאַכט איז אין הויף געשען נאָך עפּעס„; „דאָ אונטן, איז דאָס א, דער צײַט, [סײַדן] ווען ער איז זיך עוסק אין תּורה אָדער אין אַ מצווה„, תּניא, לבֿ. [באַווירקט פֿון סל]. „דאָס פֿערד האָט געמעגט זײַן ווי ווילד, איז דאָס בײַ אים א'ן רײַטן געוואָרן ווייך ווי טייג“, שע, ,מאָשקעלע גנבֿ,. „אַ סך פֿון אונדזערע באַקאַנטע זײַנען א, דעם משך פֿון רײַך געוואָרן אָרעם און פֿון אָרעם — רײַך„, י. בודזאַהן, מאָטקע פליך..., ווילנע 1927.

⯑ :זײַן א, דער צײַט = נאָנט צו האָבן אַ קינד.
1O. קען האָבן דעם באַטײַט פֿון: צווישן,
בײַ, מאַנק. ,,זעכציג מאַנן, אונטר אין [=
צווישן זי⯑] וואַר דער בֿור רעטר‘‘, בבֿא־בוך,
40. ,,און, זיא זאָלין קלויבן...הן חוץ לקהל...

אונטער

הן אונטר זיך זעלבערט,,, תקק. ‘‘איך בין...
דער איבערשטר אונטר די גזלנים גוועזן‘‘, מב,
מעשׂה סו. ,,אַזו וואַר איינר אונטר זיא, דער
שפּראַך: ליבי ברידר...‘‘, 'אַלעגאָריע פֿון ר,
מאיר ש‘‘ץ, פֿירט l694 [פֿש III]. ,,און,
החתו,
נה לשם עם גדול כבֿוד גימאַכט דאָז אונטר
יהודים נאָך ניט אַלזו פּרעכטיג איזט צו גנגין‘‘,
גה, 321. ,,דשׂ האב איד גיזעהן זעלכי ביזי
מנהגים די אונטר אונשׂ זײַנן אין אונזרי
קהילות,,, לט⯑, הקדמה. ,,דז איז איין גוטר
קעשטליכר מנהג אונטר ישׂראל...,,, לט1, סג/א.
,,ווען ער [= דער אָבֿל] אונטר נכרים גיט און,
די לײַט רידן צו אים...,,, ש. פֿראַנקפֿורט,
ספֿר החיים, זולצבאַך, תקנ,,א. ‘‘אין דער

גאַנצער וועלט איז מײַן נאָמען געאַכּפּערט א,
די אומות״, צור, הפּטרת תּולדות. ״דיא
לומדים טואהן דיא תּורה אויש שפּרייטן אונ לערנן
אונטר לײַטן,,, עיון, טו/ב. ,,אתרוג — דער
האָט אונטר פּירות דען בעשׂטן ריח,,, ה,
פֿיורדא תּפּ,,ז. ״איין איטליכי מדינה האָט איין
בּיזונדר טײַטש לשון (וואול צו פֿרשטין
אונטר אונז יהודים), מיר נידר טײַטשי יהודים
האבּן דשׂ שלעכטי טײַטש״, יוסף מאַרשן, שיני
אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תּע״א. [דער א ו
נט ע ר קלינגט בּלויז אַרכ, אָבּער מיר טרעפֿן
אים אויך אין 19. און 20. י,,ה, אָפֿט אין
פֿטמ רעדן]: ,,ווער א אַלע אומות קען נאָך
אַזוי פֿיל לײַדן און שווײַגן ווי ייִדן״, ממוס,
טאַקסע; ,,א, ייִדן איז שווער צו שפּילן אַ
זעקס־און־זעכציק,,, שע; ״א, אָלע כּלות איז
זי די שענסטע,,; ,,דער העכסטער בּוים א,
אַלע ביימער אין גאָרטן,,; ,,א, טויזנט וועל
איך אים גלײַך דערקענען״; ,,א, זײַנע
זייגערלעך וועט איר קיין רעכטס ניט געפֿינען״.
[דאָך איז אַ סך אָפֿטער: בּ ײַ ייִדן איז
אָנגענומען (אַנשטאָט: ,,א, ייִדן...״); צ ו ו י ש ן
אייגענע ווערט מען ניט פֿאַרפֿאַלן (אַנשטאָט: ,,א,

אייגענע...„).] :א, אונדז זאָל עס בלײַבן.

11. [←. ב6]. האָט דעם אָרט־באַטײַט פֿון: ל ע ב ן, ב ײַ (מחוץ אַן אָרט, אָבער ניט ווײַט פֿון אים). „וואַרף עס אַוועק א'ן פּאַרקאַן“ = ניט דווקא הינטערן פּאַרקאַן, נאָר לעבן אים. „דעם רבֿס הויז [אי] געווען מיט מענטשן געפּאַקט און פֿיל זײַנען א, די פֿענצטער געשטאַנען„, ח. ד. גילדענבלאַט, די גרושה, ווילנע 1913. „עס גייען צוויי ווײַבער א, דער שטאָט„, פּרץ, ,מוסר'. „ס'איז ניט ווײַט, ס'איז פֿינף מײַל א, וואַרשע“, „איז ער שוין ווידער צוליב זײַנע געשעפֿטן אַראָפּגעקומען אַהער פֿון א, מינסק„, בערג, בײַס דניעפּער II. „א'ן באַרג פֿליסט אַ טײַכל“.

12. קען קומען אַנשטאָט: ווי, אַזוי ווי, כּמו, אויפֿן (אין) סטיל פֿון: „מאַכן די פּאָדלאָגעס א, פּאַרקעט„, בערג, בײַס דניעפּער I.

13. ווײַזט אָן אַז ס'ווערט אַרײַנגענומען אין אַ גרופּע, פֿאַלט אַרונטער אונטער אַ באַגריף. א, אַזאַ נאָמען. „א'ן קלאַס זויגערס געהערן אויך וואַלפֿיש„. „א, 'אינוואַריאַנט, געפֿינען מיר אַ מישמאַש פֿון ווערטער וואָס געהערן צו פֿאַרשיידענע וואָרטקלאַסן“. 14. אַרכ.

קומט אַנשטאָט מ י ט. „וועו ווײַן אונטר בּיר איז גימישט גיוואָרן, ווען דאָשׂ רובֿ בּיר

684

איז, מאַכט מן שהכּל, ווען קיין טעם ווײַן דרינן איז„, ?tה, אַמשט 1723, נו/ג.

15. האָט דעם בּײַטעם פֿון אַ תּנאַי־בּאַטײַט און גלײַכצײַטיק פֿון אַ צײַט־בּאַטײַט. א'ן בּאַדינג (תּנאַי). „אַ ייִד גיט זיך אַן עצה א, אַן עת־צרה“; „און א, אַ נויט זיך שטעלן צוּוויגן דאָס קינד אויך„, שע, 'די גרויסע בּהלה'. „א, פּראָטעסט קענען מיר עס אפֿשר טאָן“ = בּתּנאַי אַז מיר וועלן פּראָטעסטירן. „איך זוכי ניט די חכמה אונטר דער האָפֿנונג זולכי בּיז...ענד צו עררייכין“, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ“ט. ?:א, די אומשטאַנדן = בּײַ די אומשטאַנדן, א ו י בּ די אומשטאַנדן זײַנען... [אַנגליציזם, זייער אָפֿט געניצט אין ענגליש־רעדנדיקע לענדער. אויך דטש?].

16. ווערט אָפֿט געניצט, ווען עס דאַרף זײַן: ה י נ ט ע ר (דער פּלאָנטער קומט פֿון די אוקר וואָס האָבן ניט קיין ה־קלאַנג און

אַנשטאָט [ ] קומט [י], אָבער אויך אין אַ
סך פר). „איך בין היים גנגן, דא פלוני בייא
פלוני אונטר דר טיר גישטנדן אין דר פינשט'“,
'שו“ת הרמ“א', קראָקע 1640 [הש I]. „ווי
עס איז אַ זינד וועז אַן אשה איז מזנה א,
איר מאַן, די גאַנצע וועלט טוט אויף דיזן
טרויערן“, א. פאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפאָוו
תקצ„א [דאָ איז א ו נ ט ע ר = הינטער אָבער
אויך באַווירקט פון ,ותזן אָהלה תחתי, (
יחזקאל, כג, 5). תי פאַרטײַטשט: „הינטער מיר“.]
„עס איז דאָ אַ גיהנום העכער פאַר דעם
הימל, און אַנדערע זאָגן א, די הרי חושך„,
דרכי עולם והוא אוצר חיים, ווילנע 1866.
„ווער דיך אָפזוכן...א, די הרי חושך“, ב.
זילבערמאַן, אַהבת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885.
„ענפערט מען דאָרך אַ שליח אָדער פון א,
דער וואַנט“, נחב, מא/א. „אָט דאָס קניפל האָב
איך אוספייעט אָנזאַמלען א, מײַן ווײַב„, ממוס,
מסעות. „שאַט, מיך האָט מען אויו ניט
געפונען א אַ פלויט„ [= ווי אַן
אונטערגעוואָ,
פענעם ממזר], ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר
תרל„ו. „דו זעסט ניט וואָס א, דײַן רוקן
פאָרגייט„, לאַט, דאָס יודישע קינד. *א, דער

פ ל י י צ ע — א) הינטער דער פּלייצע, הינ
טערן רוקן, אונטער די אויגן. „א, דער
פּלייצע האָט ער מיך בּאַרעדט„, רייד; בּ) ערגעץ
פֿון הינטן. „די הילף א, דער פּלייצע, דער
טויט פֿאַר דער נאָז„, פֿון לעצטן חורבּן, נומ,
,
3 [אין לאָדזשער געטאָ אַן ענטפֿער אויף
כלומרשטע אָפּטימיסטישע בשׂורוח]. „
טרעטנדיק נאָנט א, יענעמס פּלייצעס, באַגלייט ר,
יונה אַרויס דעם גנבֿ„, . מ פֿוקס. „א, די
.
אויגן מעג מעןריידן וואָס מע וויל“, שוו,
פֿאַרצייכנט פֿון ספּ [אין דער פֿאָרעם אויך
אין ל]. אַוועקלייגן א'ן [= הינטערן] אויער,
← אויער.
17. וויַזט אויף פֿאַרשיידענע פֿיגוראַטיווע
ניואַנסן פֿון די איבערגערעכנטע בּבּ פֿאַרקויפֿן
.
א'ן מ ק ח (פּרײַז) = וויניקער ווי ס'איז
דער מקח. א'ן א ו י ס ר י י ד, תּ י ר ו ץ =
מיטן אויסרייד, זיך באַהאַלטנדיק הינטערן
אויסרייד. “זי פֿלעגט מיך אַלץ טרײַבּן אין
בּיתהמדרש א, דעם אויסרייד ,גיי מײַן קינד

לערנען, בטל ניט',,, אמד, די יודען אין ליטע,

אונטער

ווילנע 1871. ,,זי קען זיך ניט איינהאַלטן,
זי זאָגט א, פֿיל טרערן: איך בין קראַנק,
דער שיינער הער האָט מיך קראַנק געמאַכט ,
א. בּ. רוף, אַדעליע־ראַזע, וואַרשע 1865. ,,די
מאַמע גייט א אַן אויסרייד אַוועק אין שטוב

,

אַרײַן“, ממום, שלמה. א אַ באַהעלטעניש, א'ן

,

דעקטוך אע. ,,א'ן מאַנטל [פֿון קריס ונטום]
רעגירט דאָס רוימישע רעכט, י גריכישע
קונסט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,ניט
מיינט אַז דער גאַנצער שׂכל איז א, די קורצע
בּגדים און פּאדת,,, י. בּודזאָהן, דער מקח
טעות, ווילנע 1927. א'ן ש ל אָ ס =
פֿאַרשלאָסענערהייט. ,,[די ווייַבער] ווערן געהאַלטן
א, שלאָס און ריגל, עס זאָל אויף זיי קיין
פֿרעמד אויג נישט פֿאַלן,,, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. ,,עס פֿעלט סחורה...עס איז אַ
פֿאַרבּרעכן אין אַזאַ צײַט צו האַלטן סחורה

א'ן שלאָס", מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929.

18. ווערט געניצט אין פֿאַרבינדונג מיט אַ נאָמען, אַ טיטל, ראַנג אע. אַרויסגעבן דעם ראָמאַן א, אַ נײַעם נאָמען. מע קען אים אויך א'ן נאָמען... „איז אַרויס אין וואַרשע אַ ראָמאַן א, דעם טיטל: 'די אַמעריקאַנישע פֿרוי פֿון שׂונאים מחותּנים פֿערפֿאַסט פֿון בּוכבּינדער',„ אַבֿרהם יצחק בּוכבּינדער איבּז, דער פֿאַרשטעלטער פּרינץ, וואַרשע 1895. :

לעבן א, אַ פֿרעמדן נאָמען = ניצנדיק ניט דעם אייגענעם נאָמען.

19. ווערט געניצט זן אויך אַנשטאָט אַנדערע פּרעפּאָזיציעס (אָן, אין, צו) איבּער פֿאַרשיידענע אַסאָציאַציעס מיט די בּבּ פֿון א ו נט ע ר. „די מאַמע...האָט זיך אָנגעהויבּן צו פּאָרען מיט גוטע־ייִדן א, [= אָן, בּינדט זיך מיט בּ16] דעם טאַטנס וויסן", אבּג, גלגול, וואַרשע תּרנ"ו. „עס איז טאַקע געוואָרן אַ שרעקלעכער אויפֿריר, בּיז עס איז די געשיכטע אָנגעקומען א, [= צו, בּינדט זיך מיט בּ1ס] נאַצאַלסטווע,„ אפּס, גרונעלע די רעבּעצין, ווילנע 187.

אונטער די אויגן = א) גלײַך פֿאַר די
אויגן, וואָס מע דאַרף גרינג קענען דערזען.
„דער ספֿר ליגט דיר א, די אויגן און דו
זוכסט אים„. [אין בבֿא־בוך, 576: „און, דער
מיך הוט גישלאגן דשׂ איך דא ליג, דען
וואָלט איך גערן זעהן אונטר זײַן אויגן„
= אַליין אויג אויף אויג.] “מײַן פֿאטר האָט
מירשׂ גיבּאטן איך זאַל דיך טי□טן, איך ווער
זונשׂט מײַנם ואטר ניט טערן אונטר זײַן
אויגן קומן„, טח, בּראשית, בט/יא. „האָט
[אַלכּסנד□] פֿר שטוסין נאָך דז לנד גליל דשׂ
ער אים ניט וואָלט אונטר זײַן אויגן האבּן„,
יוסיפֿון, אַמשט 1743. בּ) הינטער די אויגן,
ווען מען איז ניטאָ דערבײַ. “פֿאַרואָן, איז
ניט קיין פֿאַמיליע־[נאָמען], נאָר אַ צונעמעניש,
און רופֿן רופֿט מען אים אַזוי א, די אויגן„,
זש, נח פּאַנדרע. „דעם עלטסטן אין הויז
רופֿט מען א, די אויגן...רבּ מיכאל“, בּערג,
בּ□.מ דניעפּער □.

□

אונטער פּיר אויגן = נאָר זאַלבּעצווייט,

ווען קיין זײַטיקער איז ניטאָ דערבײַ. „מאַמע,
אַז דו ביסט דעם טאַטנס כלה געווען, וואָס

אונטעך

פֿלעגט ער דיר זאָגן א, פֿיר אויגן אויפֿן
שפּאַציר?“, פּרץ.
אונטער מײַן (דײַן, זײַן אאַזוו) אויג
= אונטער מײַן (דײַן, זײַן אאַזון) השגחה,
אין מײַן רשות. „דאָ וועסטו אַרבעטן א,
מײַן אויג, לויט מײַן באַפֿעל“, פּרץ, ,דער
בילדהויער,. סהמ פֿאַרטײַטשט 'אין לחם חל אַל
תּחת ידי, (שמואל א, כא, 5): „ניט עשׂ
איז ברוט אום הייליגשׂ צו אונטר מײַן ה אַ נ ט“.
אונטער (בײַ) דער האַנט = א)
לעבן, גאָר נאָנט; באַקוועם צו נעמען; האַנטיק.
„דער הובל איז א, דער האַנט“. „ניט
שטענדיק האָט מען א, דער האַנט אַ דבֿר־מצווה“,
יע, וואונדער־אוצר פֿון ייִד, שפּראַך, מענטשל,
קערפּער, וואַרשע תּר"פּ; ב) (האָבן) ווי אַ
הילף אין אַן עת־צרה. „איך האָב ניט
קיינעם א, [= בײַ] דער האַנט און איך ווייס
ניט ווי זיך אַרויסצוראַטעווען“; ג) כלאחר יד,
פֿאַרבײַגייענדיק. „מע האָט אים אַזוי א, דער

האַנט מודיע געווען, אַז עס ווען באַלד בײַ
אים זײַן תּנאָים“, קמ, 1870' No 17. „וואָס
זשע מאַכט איר...אַוועק א, דער האַנט אַ פּרץ
סמאָלענסקין?“, ייִל, דער סטאַטיק II, אַועס
1876. [פֿרגל אַוועקמאַכן, ב].
אונטער די הענט = א) לעבן, גאָר
נאָנט; ב) *ס'ברענט אונטער די הענט =
ס'ווערט גיך, פֿלינק אָפּגעטאָן. „ער האָט
נעטאָן מיט אַזאַ געשווינדקייט און מיט אַזאַ
געשיקטקייט, עס האָט געברענט א, זײַנע
הענט„, ל. יאָמעלאָוויץ, דער פֿאַרוואָגלטער
(הנדוד), ווילנע תּרמ“ו; ג) אויך מיט די
בּבּ 1־2. „דערפֿאַר ,לא אָמות כּי אחיה, האָט
מען געקענט שטאַרבן א, [דעם חזנס] הענט“,
דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. „לויטן
גלעט וואָס יאַך האָב אים דערלאַנגט האָב'ך
באַלד דערפֿילט וואָס כ'האָכ אָפּגעטון; אַז
דאָס ייִנגלטשינע איז געבליבן א, מײַנע הענט!“,
ה. בערגנער, איק, ר„ה תּשכ„ה.
אונטער די פּיס = א) גאָר נאָנט; ב)
וואָס שטערט פֿרײַ גיין, זיך באַוועגן. „אַ
ייִנגעלע און אַ מיידעלע פֿון זעקס און אַכט

יאָר...האָבּן זיך געדרייט א, די פֿיס,,, אַר.

אונטער דעם פּנים = אַרכ. גלײַך אין פּנים. ,,דאז זאָג איך אויף מײַן חלק לעולם הבּא און וויל עשׂ אונטר דײַן פּנים זוגן... וויל עשׂ איז אייטל אמת“, 'שו“ת הרמ,,א', קראָקע 1640 [הש I].

אונטער דער נאָז = גלײַך דערבּײַ, גאָר נאָענט. ,,ס'איז א, דער נאָז — און דו זעסט ניט!,,

אונטער דער יויך = אין יויך גופֿא. ,,ווען [ער] האָט געגעסן קעסט, האָט מען אים געגעבּן האַרטע אייער א, דער יויך,,, בּאַש, טאַטנס בּית־דין־שטוב. ,,א, די יויך אַ פֿאַסאָלקע, אַ פּעטרושקע, אַ ציבּעלע,,, לאַט, מישקע. ,,מע קלערט נאָך, וואָס דער קייסער עסט. דימענטלעך אָדער רענדלעך א, דער יויך“, קמ, 1866 4 ,No.

אונטער דער נאָדל = אין פּראָצעס פֿון דער אַרבּעט. — ,,וואָס הערט זיך מיט אײַער אַרטיקל?“ — ,,ער איז א, ד, נ'“, רייד.

*(ווי) פֿון אונטער דער נאָדל אַרויס = נײַ, שפּאָגל־נײַ.

אונטער דער פּאָלע (דעם טאָמבּאַנק, דעם טיש) = בּאַהאַלטענערהייט, בּײַם קויפֿן־פֿאַרקויפֿן ניט קיין 'כשרע, סחורה. „ צוגעקומען אַ קריסט און ווײַזט מיר א, דער פּאָלע אַ זייגערל מיט אַ קייטעלע און פֿרעגט מיך, צי איך וויל דאָס קויפֿן“, קמ, 1865, No 13. „א, דעם טיש טרײַבּט מען שוין האַנדל מיט די געקויפֿטע זאַכן„, קמ, 1869, No 19.

אָנהענגען אַ לונג־און־לעבּער אונטער דער נאָז — פֿאַלש בּאַשולדיקן אין עפּעס וואָס --

קאָמפּראָמיטירט. א ײַ נ ר ע ד ן ז י ך... א) וערן מעלאַנכאָליש; בּ) אַרומטראָגן זיך מיט אַן אידיי־פֿיקס.

בּלײַבּן אונטער אונדז = ניט אויסזאָגן קיינעם. „איר זאָלט אײַך גאָרניט זאָרגן, די זאַך בּלײַבּט א, אונדז פֿאַרבּאָרגן„,

מכירתיו ף־שפּיל, לעמבּערג 1876.

בּרענגען אונטער אַ (דעם) שלייער = חתונה מאַכן. „עז זײַן צו ווײלן ארמי מיידן ...און, מאַכן איר חתונה און, שפּרעכן עשׂ

איז גוט דאז מן זיא א, דען שלייאר בּרענגט,,, בּראַנט.

וואַקסן אונטער די הענט = זייער גיך גרויס ווערן (אויפֿגיין, וועגן געבּעקס). א ו י סו ו אַ ק ס ן ווי פֿון אונטער דער ערד = א) וואו צוויי זײַן אַ דריטער; בּ) פּלוצעם זיך בּאַווײַזן. נ י ט ו ו ע ר ן אונטער די הענט = פֿאַרשווינדן, כאָטש מען איז אָטערשט דאָ געווען.

זוכן אונטער דער ערד = אומעטום, אין אַלע בּאַהאַלטענע ערטער.

מאַכן אונטער זיך = א) האָבּן דעם מאָגן אין די קליידער, אין ווינדעלעך [ווי אַ קינד וואָס קען נאָך ניט קאָנטראָלירן זײַנע בּאַדערפֿענישן]; בּ) וואול. זיך בּאַנאַרישן.

פֿאַלן (אומקומען אע) אונטער דער (אונטערן) שווערד = געטייט ווערן מיט אַ שווערד. "איך האָבּ זיך פֿאַרזיכערט אין אונדזער הייליקן גאָט דאָס ער וועט אונדז ניט א לאָזן פֿאַלן א'ן שווערד,,, ראָס, איבּז, דער איינגילשער גענעראַל, וואַרשע תּרמ,,ד.

פּאָרן אונטער דער בּאַנק = אין בּאַן,

אָן אַ בילעט. „זײַנען געפֿאָרן א, דער באַנק און האָבן אַפֿילו דעם קאָנדוקטאָר אויך גאָרניט געגעבן„, מ. אָשעראָוויטש, פֿאָר, 1960 23 ▯ III.

▯

פֿירן אונטער די הענט = אונטערהאַלטן, פֿירן געאָרעמט פֿון ביידע זײַטן. „פֿרעמדע ווײַבער פֿירן די אָבֿלטע א, די הענט גלײַך הינטערן אָרון“, חג, עגונה.

צעקריכן אונטער די הענט, די פֿינגער = גרינג, אומבאַקלערט פטרן (געלט, צײַט). „וויפֿל ער זאָל ניט פֿאַרדינען, צעקריכט בײַ איר א, די פֿינגער“. „דאָס ביסל מינץ איז צעקראָכן געוואָרן א, די הענט„, שע, בלאָנדזענדע שטערן. „נון, צעקריכט דער טאָג בײַ אים א, די הענט„, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887.

אונטערקומען אונטער דער האַנט = זיך מאַכן, זיך אָנשטויסן אויף עפּעס צופֿעליק. „אַ כשרע

מציאה...אַז וועט אים קומען א, דער האַנט...,,,
טעיאַטאָר. ,,ווי אַ פֿרומער ייִד שנײַדט נעגל
בסירוגין, לעז איך ווען און וואָס עס קומט
א, דער האַנט,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

קומען אונטער [= צווישן] מענטשן =
פֿאַרקערן מיט מענטשן, זײַן געזעלשאַפֿטלעך.
,,ער איז אַ שטובזיצער און אַ מרוק און
קומט ניט א, מענטשן“. קללה: ,,זאָלסט
קומען א, מענטשן,, = זאָלסט מוזן אָנקומען
צו מענטשן, גיין איבער די הײַזער.

(קריגן) אַ פֿײַג אונטערן דעכעלע =
נראָבלעך. קריגן גאָרנישט, אָפּגענאַרט ווערן.

קריכן אונטער די נעגל = זײַן
אונטערטעניק, וועלן נושׂא חן זײַן, טאָן דעם צווייטנס
מינדסטן פֿאַרלאַנג. ,,געווען איז זי אַפֿילו
אַ גאָר נישקשהדיק ווײַבל, אַ בריה, אַ
גוטע...זי איז אים געקראָכן א, די נעגל“, פּרץ.
“האָבן זיי מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן
אין זײַן אָנוועזנהייט און געקראָכן אים א,
די נעגל,,, זש, טמז, 3 ▯ 1962 I. *ש ט ע כ ן
אונטער די נעגל = אויך פֿיג: פֿאַרשאַפֿן
שטאַרקע לײַדן. ,,איר איידים־שיידים, בינדט
זיך צו די ווײַב, ער פֿאַרצאַפּט איר די בלוט
פֿון א, די נעגל,,, ג. ח. לעוונער, אַ ▯tנאה

איבּעך אַ חתן, ווילנע 1900.

ריידן (וואָרטשען אע) אונטער די וואָנצעס, די ציין, דער נאָז = אומקלאָר. „דער דאָקטאָר האָט צוגעוואָרטשעט א, די ציין... 'וואָט זשידע נאַכאַלע'„, „אַ זאָג געטאָן א, די ציין“, בּנים מעיך קטנה, מײַן ליבּער נאַסט, בּאַרדיטשעוו l901.

שטיין אונטער די אויגן = פֿאַר די אויגן, זיך קלאָר פֿאָרשטעלן. „דאָס בּילד פֿון אַמאָל שטייט מיר נאָך א, די אויגן„.

אונטער מיטן בּאַטײַט: הינטער. ליגן אונטערן אויוון = אויך: זיך דערווײַטערן פֿון מענטשן. קומען פֿון אונטערן אויוון = א) פֿון אַ העק; בּ) אומגעריכט. איז ניט פֿון א'ן אויוון = ניט פּראָווינציעל.

ונטער־ — פּרעפֿיקס. קומט אין אַדווערבּן (אונטערוועגנס, אונטעראַנאַנד אאַ), אַדיעקטיוון (אונטערגייאיק, אונטערערדיש אא — נאָר אַזעלכע וואָס ווערן געשאַפֿן פֿון ווערבּן און סובּסטאַנטיוון), פּאַרטיציפּן (אונטערגעפֿרוירן, אונטערגעשאָסן אאַ) און דערעיקר אין סובּסטאַנטיוון (אונטערוועש, אונטערהעצער אאַ), [מיט ווערבּן ווערט א ו נ ט ע ר אַ קאָנוועדבּ און ניט קיין פּרעפֿיקס, ד„ה קומט

אָפּגעטיילט פֿון שטאַם פֿון ווערבֿ אין דער
איצטיקער צײַט און אין אימפּעראַטיוו:
אונטערגיסן — איך גיס אונטער, גיס אונטער
אַזוו. בכל אופֿן ווערט עס סיסטעמאַטיש
דורכגעפֿירט אין דער כּלל־שפּראַך פֿון 20.
י,,ה. אָבער אין אַ צאָל דטשמ און אין פּר
איז פֿאַראַן דער פּרעפֿיקס א ו נ ט ע ר אויך אין
ווערבֿן: אונטערבּרע'כן, אונטערשטי'צן,
אונטערשע'צן אאַ — ← ווײַטער בײַ די
באַזונדערע ווערבֿן. אין אַ צאָל פֿאַלן ווערן
געגעבֿן צוויי באַזונדערע ווערטער: או'

נטעראונטער

האַלטן און אונטערהאַ'לטן, או'נטערהאַנדלען
און אונטער'האַנדלען אאַ]. זן קומט
אונטעראויך אין פֿאַרבינדונג מיט שטאַמען וואָס
טרעפֿן זיך ניט פֿאַר זיך אין ייִדיש: אונטערטאַן,
אונטערטעניק.
1. ווײַזט אויף עפּעס וואָס איז נידעריקער,
להיפּוך צו דעם וואָס איז העכער און שאַפֿט
אַ פּאָרל מיט דעם אַקעגנדיקן א י י בּ ע ר־:
אונטערליפּ (אייבּערליפּ), אונטערקלייד (
אייבּערקלייד), אונטעראַרבּל (אייבּעראַרבּ),

אונטערערדיק (אייבערערדיק) אאַזוו. 2. ווײַזט אויף עפּעס וואָס געפֿינט זיך נידעריק, אין דעם אונטערשטן טייל פֿון אַ גרעסערער זאַך: אונטעראויוון, אונטערגעניי, אונטערלאָג, אונטערלײַב אאַזוו.

3. ווײַזט אויף אַ טייל פֿון אַ גרעסערער זאַך, שטח, קלאַס אדגל: אונטערקלאַס, אונטערגרופּע, אונטערבאַצירק, אונטעראָפּטייל אאַזוו. 4. בּרענגט אַ נײַעם בּאַטײַט לויט אַסאָציאַציעס וואָס בינדן זיך מיט די בּבּ פֿון פּרעפּ, א ו נ ט ע ר: אונטערוועלט, אונטערערדיש, אונטערשריפֿט, אונטערוואַלד, אונטערגאַנג (עפּידעמיע) אאַזוו.

5. טרעפֿט זיך אַנשטאָט ה י נ ט ע ר — ▯ בּ16 אונטער, פּרעפּ): ,אונטערגעסל', , אונטערווײַלעכץ', 'אונטערשטעליק', 'אונטערפֿיסל, (= שמד־שטיק). 6. אין גנ צו ווײַזן אַז עס איז דער נידעריקער טייל פֿון לאַנד אָדער געגנט. ווײַזט אויף אַ דרומדיקן טייל פֿון אַ לאַנד אָדער געגנט. א'־זאַקסן. א'־עלזאַס. א'־פֿראַנק(ע)ן. א'־קאַליפֿאָרניע. א'־איטאַליע. אויך כּדי אונטערצושיידן צווישן צוויי פּונקטן מיט גלײַכע נעמען. ,,אַזוי ווערט דערציילט, אַז חסידים פֿון 'אונטער־ווישעווע, ווען זיי

זײַנען געקומען צום רבּין, האָבן זיי געדאַרפֿט
זאָגן: 'מיר זײַנען נישט פֿון אייבער־ווישעווע',
כּדי זיי זאָלן פֿאַרן רבּין נישט דאַרפֿן
אַרויסזאָגן דאַס וואָרט 'אונטער',,, מ. אונגער, טמז,
5□19 □י 16.

7. פֿאַרבײַט וויצע־, געהילף־; דער וואָס
איז נידעריקער אין ראַנג, פּאָזיציע, שני ל...

א'אַדו□□ט   א'ד□□ר
ן
א'אַגר נ ס   א'ד ט
א'אַדידטאַ□   א'מאַ □נאַנט
י
א'אַדמיראַ   ר
ט   א'לייט

א'אויפֿזעער   א'מאַשיניסט
א'אינזשעניר□.־נער) א'נונציוס
א'אינטענדאַנט   א'עקאָנאָם
א'אַפּטייק□.   א □ □ □די□וואָר
,
א'אינסטאַנ   א, ז וט ר

א'אַקציזניק   א'פֿעלדפֿעבל

א'אַרכיוואַר א'קאָמאַנדיר

א'בּ אר א ▯ ▯ג▯גדאַגט

,

וקטאָר

א'אַ א, מ

-

א'בּ ▯פּ (־ופּ)

י א ▯.▯טע▯ליאָר

,

א'בּיס א, נטר

ף]

א'בּריגאַדיר א'רעגיסטראַר אאַ.

(▯טייטן פֿאָרמען, ו▯ ▯י ▯ערט▯ר

ש

▯פּן —— ▯ - רט ר דו ס

זיך פֿון זיי —— ←

גופּא, אָן אונטער־).

אונטער — קאָנוווערב. אינאייינעם, ניט
אָפּטיילִיק פֿון אינפֿיניטיוו, גערונדיוו, פּאַרטיציפּ;
קומט נאָך דעם שטאַם פֿון ווערבֿ אין
איצטיקער צײַט און אימפּעראַטיוו. האָט אויף
זיך דעם אַ ק צ ע נ ט. קען גלײַכצײַטיק האָבֿן
מער ווי איין בֿ פֿון די ווײַטערדיקע:
1. ווײַזט אויף אַ טואונג וואָס איז שייך
צום אונטערשטן טייל פֿון אַ זאַך:
אונטערבֿייגן, אונטערהייצן, אונטערנייען,
אונטערשאָבֿן, אונטערשטופּן אאַ. 2. ווײַזט אויף אַ
טואונג וואָס ווערט דורכגעפֿירט פֿון צײַט צו
צײַט, מיט איבֿעררײַסן: אונטעראַרבֿעטן,
אונטערגיסן, אונטערהונגערן, אונטערהוסטן,
אונטערוואַרפֿן, אונטערפֿירן, אונטערשטאַמלען אאַ.
3. ווײַזט אויף אַ טואונג וואָס ווערט
דורכגעפֿירט כּסדר, אָבֿער ניט אין אַ גרויסער
מאָס: אונטעראײַלן, אונטערהוסטן,
אונטערטרײַבֿן, אונטערשטופּן, אונטערשטיפֿן אאַ.
4. ווײַזט אַז מע דאַרף נאָך אַ בּיסל טאָן
צו פֿאַרענדיקן: אונטערבֿאָרגן, אונטערבֿראָטן,
אונטערבֿרענען, אונטערוואַרפֿן, אונטערטרײַבֿן,

אונטערפֿאַרבן אאַ.
5. בּרענגט דעם בּאַטײַט: ל ע בּ ן. ה אַ ר ט בּ ײַ, נ אָ נ ט (אָפּט פֿון הינטערוויַלעכץ, אומגעזעען): אונטערגיין, אונטערוואַרפֿן, אונטערלויפֿן, אונטערקוקן, אונטערשטעלן אאַ.
6. האָט דעם בּאַטײַט פֿון קאָנ צ ו, פֿון צוגעבּן עפּעס [קען האָבּן בּײַטעם פֿון ביטול, פּעיאָ]: אונטערבּאַמקען, אונטערגיסן, אונטערוואַרפֿן, אונטערראַמען, אונטערשאַרן אאַ.
7. גיט צו פֿאַרשיידענע פּיג בּבּ וואָס דרינגען נאָר אומדירעקט אַרויס פֿון שטאַם פֿון ווערבּ און פֿון די בּבּ 1־6: אונטערגיין, אונטערגעבּן (זיך), אונטערגראָבּן, אונטערכאַפּן אאַ.
אונטער — דער, ־ס. 1. נידעריקערער (בּאַאַמטער, אָנגעשטעלטער) לגבי אַ העכערן אין ראַנג (דעה, מאַכט אע). „אַז מע קען ניט זײַן קיין אייבּער דאַרף מען זײַן אַן א'“, שוו. „איז אָבּער 'קאַזנאַ, צו פֿיל הענט און אַלע נעמען, דער א, נעמט, דער אייבּער נעמט“, שע. „דאָס שמוציקסטע איז, וואָס ער האָט נאָך אַזאַ שליחות פֿאַרטרויט זײַן משרת, דעם גראָבּהויטיקן ,אונטער, זײַנעם“, זש, טמז, 17 1962 III.
2. די פּיגור (מיטן נידעריקסטן ווערט),

דער פּויער (אמ דער דזשעק), וואַלעט, ייִנגל אין קאָרטנשפּיל. "א', אייבער, מלכּה, מלך, טויז זײַנען אים [דעם קאָרטנשפּילער] מלווה אויף דער אמתער וועלט", ייִל, דער בּייזער מאַרשעליק. "דער יאָלד שפּילט אַרויס א, הערץ און מע שלאָגט אים מיט מלכּה הערץ", רייד. „דער א, רויט זעט אויס ווי דער קאָבּרינער דיין", פּוול, קעלץ. [נפּ, ייִפּאַ, 1938, No 2 פֿרעגט: "ווי קומט דער קאָבּרינער דיין קיין קעלץ?" די שאלה בּלײַבּט אָן אַן ענטפֿער.]

3. אויך ד אָ ס. דער הינטן, דער אונטן. פֿיר זאַכן שאַטן צו כּישוף...אַז מע ווישט

-

"

זיך אָפּ דאָס א, מיט אַ שערבּעלע...", ספֿר הנהגות טובֿות, וואַרשע תּרנ"ב.

אונטעראַווירן — [...אַ'ווערן] אוטוו. ־יר

אונטער־

אונטעראונטער, ~געאַווירט. אונטערשטינקען. שטילערהייט, אומבּאַמערקט אַרויסגעבּן זייער אַ שלעכטן ריח. א, און זיך אַרויסרוקן פֿון שטובּ. די פֿיש אַווירן שוין אונטער פֿיג.

.

דאָס געשעפֿט אַווירט אונטער = בּרענגט

היזק. לוינט זיך ניט. טרוו — וואוילינגעריש.

אונטערמסרן. א, אַן אייגענעם יאַט.

אונטעראויגיק — אַדי. סאָוו.

ראָכקינדשקליאַר ווב. ▯Iנ▯נ▯]▯ו3aOi: ▯־ <.

הינטעראויגיק. וואָס איז אָן דעם זײַן פֿון בּעל־דבֿר,

פֿאַראינטערעסירטן. א'ער משפּט, אורטייל.

אונטעראויגלער — דער, ־ס. סאָוו.

ראַכקינד־שקליאַר ווב. ▯]▯]▯ו3aoi <. עדות וואָס

האָט אַליין ניט געזען, בּלויז געהערט.

אונטעראויוון — דער, ־ס. 1.

אונטערשטער טייל פֿון אויוון. טריקענען האָלץ

אין א'. 2. שטח ה י נ ט ע ר ן אויוון. „

ליגנדיק אויפֿן האַרטן געלעגער גאָר אין דעם

ערשטן בּית־מדרש נאָך אָן ווענט, אָן אַ

דאַך און אָן אַן א'„ ממוס, ווינטשפּ. 3. טייל

שול וואָס איז בּײַ דער טיר, געוויינטלעך די

מערבֿ־וואַנט, לעבּן און הינטער דעם אויוון,

וואו ס'דאַוונט דאָס אָרעמע און פּראָסטע פֿאָלק.

„די אַלע אַנדערע געהויבּענע שטעט דאָרט

זײַנען ניט געשטאַנען ליידיק, נאָר דער א,

איז אויך נישקשה, ער האָט זײַן בּאַזונדערן

חן", ממוס, 'שטאָט אין מזרח'. "—— זאָגט

נאָר...האָט זיך אָנגערופֿן גאָר אַן א'־ייִד מיט אַ קליין לולקע־ציבעכל אין מויל", י. ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896. מעט. המון, נידעריקסטע שיכט פֿון באַפֿעלקערונג. דער א, בונטעוועט קעגן דער מזרח־וואַנט. 4. אויפֿן סמך פֿון ב2, יעדער אָפּגעזונדערט אָרט. ,,קוים אַזוי אַ ייִנגעלע אַרויס פֿונעם א', געשטעלט אַ פּיסעלע אין גאָטס שיין פֿרײַ וועלטל...וועט אים שוין שווער זײַן אומקערן זיך צוריק,,, ממוס, ספֿר הבהמות. ־דיק — אַדי. א'ע שמועסן.

אונטעראויקען — אוטוו. אויקע אונטער, ~געאויקעט. פֿון צײַט צו צײַט אויקען. צוהעלפֿן אויקען. א, פֿון צער, חרטה, בענקשאַפֿט אע. ,,דער ייִד אויקעט און זײַן ייִדענע אויקעט אונטער,,. ליגן אויף דער אייבערשטער באַנק אין באָד און א, פֿון פֿאַרגעניגן. ,,...א, ווען ער גייט אין מרחץ און קומט פֿון מרחץ,,, חג, טמז, 24 1964 I. ־עניש.

אונטער אונדז גערעדט — פֿראַזע. דזוו צווישן אונדז גערעדט (און אַן אַנדערער דאַרף עס ניט הערן). ,,ער איז א, א, ג, געכאַפּט אין דער מעשׂה,,, רייד. אויך: א, א, געזאָגט. ,,איך האָב ווי א, א, געזאָגט קיין

דינסט אין שטובֿ נאָר אַ שאָרעסטע, גייט
זיך פֿיל גאַלאַנטער אַלס מײַן טאָכטער“,
אמד, זיבֿען דינסט מיידכען, ווילנע 1873.

אונטער־אונטער־ — מע קען
פֿאַרטאָפּלען דעם פּרעפֿיקס א ו נ ט ע ר כּדי
אַרויסצוהייבֿן די נידעריקייט פֿון דער סאָציאַלער
מדרגה, פֿון דער פּאָזיציע. דער א׳־א׳שמשׂ.
א׳־א׳משרת. א׳־א׳לעקער. „די קאָלעקטאָרן ז״ר.
נען...געקומען מיט זייערע א׳־א׳קאָלעקטאָרן“,
אמד, עוזר צינקעס און די ציג, ווילנע 1868.

אונטער אַ זיפּ...

אונטער אַ זיפּ אַרונטערצונעמען —

פֿראַזע. אַזאַ זאַך אָדער באַשעפֿעניש וואָס מע קען פֿאַרדעקן מיט אַ זיפּ. [מע פֿלעגט פֿאַרדעקן מיט אַ זיפּ אַ הון וואָס האָט זיך געגרייט צו לייגן אַן איי.] „אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער יִידל, אַ אַ ז אַ״, וואָכנבלאַט,

א טאָראָנטאָ 23 IX 1943.

אונטעראָטעמען — אוטוו. אָטעם אונטער, ~געאָטעמט. 1. שוואַך אָדער מיט הפֿסקות אַרײַננעמען אין זיך און אַרויסגעבן פֿון זיך לופֿט. שווער א', האַלטן שוין בײַ גסיסה. 2. פֿיג. זיך געפֿינען אין אַ געדריקטער מאַטעריעלער לאַגע.

— גנ. דרומדיקער טייל

— טאליע.

אונטע

יעניש — אַדי.

ר־איטאַלי

פֿון אי —

אונטעראיידלען זיך — אוטוו. ־דל זיך אונטער, זיך ~געאיידלט. איר. מאַכן אַן אָנשטעל אָדער אומבאַהאָלפֿן זיך באַמיִען צו זײַן איידל. „דער גראָבער־יונג איידלט זיך

אונטער מיט הויכע ווערטער וואָס ער
צעקאַליעטשעט זיי״, רייד.
אונטעראייטעדן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. א
־טערט אונטער, ~געאייטערט פֿון צײַט צו
.
צײַט אַרויסגעבן אייטער, מאַטעריע. די אַלטע
וואונד אייטערט אונטער.
אונטעראיילן — טרוו. אייל אונטער, ~
געאײַלט. (אַ ביסל) איילן, באַשמירן מיט אַ א
פֿעטס אַן אונטערשטן טייל פֿון עפּעס. איילן
פֿון צײַט צו צײַט. א, די מאַשין. *א, די
פּאַכוועס = מאַכן, מע זאָל גיכער באַוועגן
מיט די הענט, גיכער אַרבעטן. *א, די
פּיאַטעס = מאַכן, מע זאָל גיכער לויפֿן. „ס'דאַרף א
זײַן לעבעדיקער, האַסטיקער, אײַלט חבֿרה
אונטער די פּאַכוועס און די פּיאַטעס״, רייד.
פֿיג. געבן כאַבאַר, אונטערשמירן. א אַ קנעפּל,
,
ווײַל אַז מען אײַלט אונטער — פֿאָרט מען.
„ווען דו וואָלסט זיך...געשמייכלט צו אים,
אים אונטערגעאיילט„, טמז, 1964 II י 11.
מיט ז י ד — נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן,
טרינקען עפּעס, מאַכן אַ לחיים. זיך א, און
דערנאָך זי לן

לן. 1. אונטעריאָגו, אונ־ א

אונטערא — טרוו. אײַל אונטער, ~געֿ א

יײַ

נעמען צו דער אַרבעט.

אײַלט. פּפֿ: ~הײַ

טערטרײַבן. ווירקן, משפּיע זײַן אַן אַנדערער

גיכער, האַסטיקער. א, די פּועלים. 2

פֿאַרזאָל טאָן און אַרבעטן, עפּעס דורכצופֿירן

.

גיכערן, דערנענטערן דעם סוף פֿון אַ טואונג

א, זײַן סדף. א, די געשיכטלעכע אַנטוויק־ א

אָדער מצבֿ; זען די צײַט זאָל גיכער אַוועק.

לונג, דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס. „כּדי

אונטערצואײַלן און גיכער צו מאַכן די

פֿאַרענדיקונג פֿון דער כּפּרה פֿאַר זײַן נפֿש„, תּניא,

קפּח. „גייט אין שענק אַ נודנעם טאָג

פֿאַרווײַלן, מיט לידער און מיט ניבול־פּה די

פּוסטקייט א'“, הר, מײַן ליכטיקע נסיעה. מיט

ז י ך — „לאָמיר זיך א', ניט באַלאַמוטשען“.

,,ווען איך אײַל זיך ניט אונטער,
פֿאַרשפּעטיק איך די באַן“, רייד. ,,צו דערמאָנען דער א
מענטשהייט...זיך אונטערצואײַלן מיט דעם
נײַעם יושרדיקן וועלטבאַשאַף“, ב. ריווקין,
אַ גלויבן פֿאַך אומגלייביקע. ,,ס'איז שוין

687

רעכט האַרבסט און מע דאַרף א, זיך מיטן
אַקערן“, א. גאָרדאָן, סאָוו, היימלאַנד, 1962,
No 2. ,,מיטאַמאָל האָט דער חלום גענומען
זיך א', ווערן צעשויבערט, שרײַאיק,
אָפּגעריסן, פֿילדײַטיק, אומזיניק ביז
לעכערלעכקייט“, באַש, פּאָר, 1963 II 15.
ונטער איין דאַך — פּראַזע. 1.
צוזאַמען, אינאיינעם. א, א, ד, ווען זיי ניט
קענען הויזן. ,,טאַקע א, א, ד, — אָבער
לאָז מיך געמאַך,,, פּוול. ,,איך וויל ניט קענען
ניט מײַן אָנקל און ניט זײַנע קינדער, מיט
וועלכע איך וויל אַפּילו א, א, ד, ניט זײַן“,
ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער,
ווילנע 1888. ,,איך וויל בעסער געניסן אַ
געמיינעם לעבן מיט אַ ווירדיקן מע טשן

ווי...לעבן אין רײַכקייט א, א, ד, מיט אַ
ווילדע חיה,,, א. סאַפּיר, דער קליינער
קאַטערזניק, ווילנע תּרמ,,ג. ,,משׂמח זײַן זיך מיטן
רבּין אינאיינעם א, א, ד',,, חיים יצחק בּונין,
חבּ,,דיש, לאָדזש 1938. 2. אונטער איין
אַלגעמיינער אָנפֿירונג אָדער אינסטיטוציע.
פֿאַרבּינדן אַלע פּראַקציעס א, א, ד'.
ונטעראײַנטיילונג — די, ־ען.
אײַנטיילונג וואָס איז אַ פּרט, איין טייל פֿון אַ
פֿריִערדיקער אײַנטיילונג. אונטערגרופּע,
אונטערקלאַס. ,,די א'ען פֿון פֿילאָסאָפֿיע,,,
מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.
ונטעראײַקען — אוטוו. ־קע אונטער,
~געאײַקעט. אַרויסבּרענגען פֿון צײַט צו
צײַט דעם קלאַנג [ ] ווי אַן אויסדרוק פֿון
ווייטיק, בּאַוואונדערונג, בּאַדויער אע.
טשמאָקען מיט די ליפּן און א'. ־עניש.
ונטעראיקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~
געאיקעט. פּפֿ: ~היקען. 1. אַ בּיסל, פֿון
צײַט צו צײַט איקען, זיך פֿאַראיקען.
אונטערשטאַמלען. א, בּײַם דאַווענען פֿאַרן עמוד.
2. פֿיג, איר. פּרוּוון זיך אַרויסדרייען מיט
אַ (פֿוילן) תּירוץ; ניט ווען אַרויסקומען
מיט קלאָרע רייד. ,,עפּעס איקעט ער מיר

אונטער, דער חבֿרה־מאַן,,, רייד. ־עכץ.
־עניש.
ונטעראירזשען — ← אונטערהירזשען.
ונטעראירצן —־־ טרוו. אירץ אונטער,
~געאירצט. פֿון צײַט צו צײַט (ניט
שטענדיק) זיך ווענדן צו אַ יחיד — א י ר. א, אַ
נגידיש בחורל. "ווען איך בין געקומען קיין
אַמעריקע, האָב איך די ערשטע צײַט
אונטערגעאירצט דעם טאַטן,,, רייד.
ונטעראַכלען — אוטוו & טרוו. אַכל
אונטער, ~געאַכלט. 1. עסן פֿון צײַט צו צײַט,
צו אָפּט, אין אַ ניט־פּאַסיקער צײַט. גיין און
א, פֿון דער טאָרבע. 2. עסן בשתיקה, וואָס
מע טאָר ניט. א, טרפֿות. א, בעת דער
אַרבעט. 3. איר. עסן אַ סך. ,,ער פֿאַסט ניט
קיין תעניתים, ער האָט ליב אונטערצואַכלען,
אַרײַנצוררײַבן אַ הערינג מיט אַ האַלבן ברויט",
רייד.
ונטעראָכ(ק)ען — אוטוו. אָכ(ק)ע אונטער,
~געאָכ(ק)עט. אַרויסגעבן פֿון צײַט צו צײַט
דעם קלאַנג אָך מחמת ווייטיק, באַוואונדערונג,
אויפֿרעגונג אע. א, פֿון צרות.

אונטעראָפּיצי'ר

אונטעראַמפּערן זיך — אוטוו. ־ער זיך
אונטער, זיך ~געאַמפּערט. ווען־ניט־ווען
פֿירן וויכּוחים, קריגן זיך, שפּאַרן זיך. א, זיו
מיט שכנים, מיט פּאַרטיי־חבֿרים.

אונטעראַנאַנד(ער) — אַדוו. r▯ ▯un :d▯M.

צווישן זיך, איינע(ר) מיט דעם ein־an▯er
(דער, די) צווייטן (־ער). צווישנאַנאַנד.
צוזאַמען. „נעם פֿיר לוט הוניק, און צעהן לוט
וואַשׂיר און מיש אונטר אַנדר און זײַא עס
דארך איין טוך„, ר, משה רופֿא מק"ק
מעזריטש סמוך לבֿריסק, ירושת משה, [
ווילהרמרשדארף] 1677. „דיא מלאָכים...האבֿן ניט
קענין צו זעהין דאז זיך דיא הייליגקייט
און אונווירדיקייט זאָלן מישן אונטר אַנדר„,
בֿראַנט. "האבֿן גיה[אַ]ט אונטר אַנדר שׂנא▯ ..
חינם און, רציחות„, סהמ, דניאל, יא, 30.
„דאַרום זאָלן די ווײַבֿר שלום אונטר אַנדר
האבֿן„, לט1, נה/א. „נעם האָניק און פּוטער
און בֿראַנטווײַן...לאָז עס איין ווייניג
פּרעגלען אונטר אַנדר„, סור, כא/בֿ. „ווען ישׂראל
שון זאָלטן עבֿודה זרה דינן און האָבֿן שלום
אונטר אַנדר זו וויל איך זיי מוחל זײַן",

עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796.
„וואָס טוען דאָ ייִדן? קריגן זיי זיך א'ער„,
ייִפֿאָל, 1882 II l8. זיך דורכשמועסן א'.
אונטעראַנקערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געאַנקערט. פֿון צײַט צו צײַט אָדער אויף
אַ קורצער צײַט פֿאַראַנקערן אַ שיף. א, די
שיף. פֿיג אויך: פֿאַרפֿעסטיקן, פֿאַרוואָרצלען
אע. א, דעם פֿאַראיין.
דע▯ פּאָלע. בּאַהאַלטענערהייט, מע זאָל
אונט ר אַ פּאָלע — פֿראַזע. פּפֿ: אונטער

ניט זען. ווײַזן אַ פֿײַג (אַ פֿויסט) א, אַ פּ'.
בּאַהאַלטן דעם ווייטיק א אַ פּ'.

א ראָפּטייל — דער, ־ן. אויך: ~
אָפּונג — די, ־ען. נידעריקער,
אָפּהענגיקער טייל פֿון אַן אָפּטייל(ונג). טייל פֿון
אַן אַדמיניסטראַטיוון איינס. א, פֿון (פֿאַר)
בּוכהאַלטעריע.
אונטעראַפּלאָדירן — טרוו. ־דיר אום,
~אַפּלאָדירט. פּאַטשן בּראַוואָ ניט מיט
בּאַגײַסטערונג, מער לפּנים וועגן און נאָר אַ
בּיסל. א, אַ רעדנער, אַ זינגער אע.
אונטעראָפֿיצי'ר — דער, ־ן. אויך. ־צער

.

(ספעצ אין רוסישער אַרמיי). ווער עס האָט
אין אַרמיי איין ראַנג נידעריקער ווי אַן
אָפֿיציר (פֿעלדפֿעבל, סערזשאַנט, סאַרדזשענט).
[זײַנע פֿונקציעס — פֿאַרשיידן, אָבער
אומעטום פֿון אַ נידעריקערן ראַנג ווי דעם
אָפֿיצירס]. מורא האָבן פֿאַרן א,. "אַוואַנסירן האָט
[דער ייִד] קיין אויסזיכט ניט געהאַט..., אַפֿילו
ניט אויף א'צער", קמ, 19 l865, No. ,,ער
האָט אין גאָר אַ קורצער צײַט אַוואַנזשירט...
און איז געוואָרן א'צער 'פֿעלדוועבעל'", י. ל.
שפּיראָ, דער אידישער גײַסט, מונקאַטש 1932.

מיט ־ער (מצ□) — ,,פֿור דיא אוביר אונ,
אונטר אופֿיצירר דיא היר זײַנן געמעלט, ווערט
פֿר אידוועדריר איין פֿענדיל געשטעלט", מעדני
מלך, פּפֿדמ 1726. ־שע — די, ־ס. 1. ווײַב
פֿון אונטעראָפֿיציר. 2 פֿרוי וואָס האָט

.

אַליין דעם ראַנג פֿון אַן אונטעראָפֿיציר. אַן
א'ע אין דער ישׂראל־אַרמיי.

-

אונטער אַ פרעגצייכן

אונטער אַ סרעגצייכן — פֿראַזע. ניט
זיכער. איז אין אַ ספֿק. „דערווײַל האַלט
ער אויס. ווי לאַנג ער וועט קענען
אויסהאַלטן איז א אַ פֿ',,, רייד. [א אַ
פֿראַגע, ,
צייכן, נר.] „שטעלן א, אַ פֿראַגע־צייכן: צי
איז עס טאַקע געשען?“, סמז, 6 1964 X.
אונטעראַקאָמפּאַנירן — אוטוו & טרוו.
־ניר אונטער, ~אַקאָמפּאַנירט. צו ביסלעך
באַגלייטן אויף אַן אינסטרומענט, בײַם
זינגען אָדער בײַם שפּילן. „האָט ער אָנגעהויבן
א, פֿריִער שטיל פֿאָרזיכטיק, דערנאָך
הע,
כער“, ש. גאָדינער, דעך מענטש מיט דער
ביקס, מאָסקווע 1928.
אונטעראָקסיד — דער, ־ן. (כעמיע) אַן
אָקסיד וואָס האָט דעם מינימום זויערשטאָף,
אָקסיגען. [אַזוי איז פֿון די פֿינף מיגלעכע

אָקסידן פֿון ניטראָגען, שטיקשטאָף, o□]
— דער א, פֿון ניטראָגען].

כאַראַקטעריסטישער א, — o□], א, פֿון בלײַ. כּ,,י,
ווילקאָמירער ייִדישע ועאַל־גימנאַזיע, ,
טערמינאָלאָגיע פֿון כעמיע', 1921. אויך אין פֿווּבּ.

אונטעראַקסל — דער, ־ען. טייל קערפּער
(פֿון פֿאָרנט) וואָס איז נידעריקער ווי די
פּלייצע. ,,די אָנגעשפּאַרטקייט אין די בריסט
דערגייט ביז די א'ען,,, פֿגעז, ווילנע 1932,
.□ No

אונטעראָקעאַניש — אַדי. וואָס איז אונטער
אַן (דעם) אָקעאַן. ,,אַרומזוכן נײַע א'ע
איילפֿעלדער און מינעראַלן,,, טמז, 18 1965 □I.

אונטעראַקערן — □רוו. ־ער אונטער, ~
געאַקערט. אַקערן פֿון צײַט צו צײַט. אַקערן
ניט־אינטענסיוו, ניט וויפֿל מע דאַרף, מער
לפּנים ווענן. א, אַ פֿעלד. ,,דורך דעם א,
אויפֿן ווינטער ווערט ס'רובֿ דאָס פֿעלד
באַהיטן פֿון ווילדע געוויקסן□, מ. וועבער, דער
יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891.

אונטעראַרבל — דער, ־ען. אונטערשטער
טייל פֿון אַרבל.

אונטעראַרבעטן — ־בעט אונטער, ~

געאַרבעט. אוטוו   אַרבעטן פֿון צײַט צו

צײַט, צו ביסלעך, ניט שטענדיק. „די ווײַב
איז די אשת־חייל, דער קראַנקער מאַן
אַרבעט נאָר אונטער„, רייד. א, אַ פּאָר וואָכן.
טרוו — 1. צושטריקן, אונטערשטריקן,
פֿאַרריכטן אַן אונטערשטן טייל. „טאָלצע האָט זיי
אונטערגעאַרבעט זאָקן,...האָט זיי פֿאַרלאַטעט
העמדער„, ממוס, מסעות. „די שוועסטער
האָבן אונטערגעאַרבעט די זאָקן“, שע, ,די פֿאָן'.
[א, זאָקן פֿלעגט מען, ווען דער אונטן פֿון
די זאָקן איז געווען אַזוי צעריסן אַז מע
האָט מער ניט געקענט פֿאַרצירעווען די
לעבער. האָט מען געמוזט מאַכן פֿונדאָסנײַ דעם
גאַנצן אונטערשטן טייל און צושטריקן צום
אויבן פֿון זאָק▯] 2. במקום־ווערב פֿאַר
טואונגען וואָס מע פֿירט דורך בסוד און וואָס
מע וויל זיי ניט אָנרופֿן מיט אַ שטאַרקערן
ווערב. א, כלערליי אינטריגעס, רכילות. א,
אַ קינד דער דינסטמויד. א אַ פֿאַלשע חתימה.

,

־ןנב.

אונטעראָרדאָווי(צי)אַניש — אַדי. (
געאָלאָגיע) וואָס האָט אַ שײַכות צו דער ערשטער
עפּאָכע פֿון דער אָרדאָווי(צי)אַנישער ערע,
צווישן דער קאַמברישער און דער
סילורישער. אין דער עפּאָכע האָבן זיו
אויסגעפֿורעמט גרויסע שטחים לאַנד פֿון צפֿון

אַמעריקע. א'ע פֿורעמונגען. א, געשטיין.
אונטעראָרדנט זײַן — דטשמ. נר. זײַן
אונטערגעאָרונט, סובאָרדינירט. „אויב גאָט איז
א, דעם שיקזאַל, איז שיקזאַל דער אמתער
הערשער איבער דער וועלט", גרינ, איד און
וועלט.
אונטעראָרדענונג — די, ־ען. אַקט,
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטעראָרדענען.
סובאָרדינאַציע. אַ צײַטווײַליקע א'.
אונטעראָרדענען — טרוו. אָרדן אונטער,
~געאָרדנט. שטעלן נידעריקער, אונטער, אויף
אַ נידעריקערער מדרגה. אונטערטעניקן,
אונטערוואַרפֿן, סובאָרדינירן. א, פּרטים אונטער
איין כּלל. „אַ געזעלשאַפֿט וואָס האָט
אינגאַנצן אונטערגעאָרדנט דעם יחיד צו די
אינטערעסן פֿונעם שטאַט„, גרינ, מענטשן און

ווערטן. אויך מיט ז י ך — „דערמיט האָט
די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט געפֿונען איר
שלימות אין א, זיך אײַנגאַנצן צום געטלעכן
געבאָט", טמז, 6 1964 III.
אונטעראַרמל — דער. מצ נב. לאָקל,
(וולאָצלאַוועק). דזוו אונטעראַדבל.
אונטעראַרן — אומפּ & דריטפּערזאָניק. עס
אַרט אונטער, ~געאַרט. אַרן אַ ביסל אָדער
צו ביסלעך. „עס אַרט מיך אונטער וואָס
ער לעבט צווישן ניט־ייִדן". זײַן געזונט אַרט
זי אונטער.
אונטעראָרעם — דער, ־ס. טייל האַנט
צווישן עלנבויגן און געלענק. „הייבט אויף
די האַנט אין דער הייך און גלעט שטאַרק
אויף אַראָפּ די פֿינגער און דעם א, צום
עלנבויגן, ביז די הויט ווערט בלאַס", פֿגעז,
ווילנע 7 1924, No. „און זי האָט
אויסגעשטרעקט אירע א'ס אויף דעם טישפּלאַך",
נאַד, ווי איד זע עס.
אונטעראָרעמען — טרוו. אָרעם אונטער,
~געאָרעמט. נעמען עמעצן אונטערן אָרעם.
א, ווי אַ גוטן פֿרײַנד. א אַ מיידל.

,
אונטעראַרענדירן — טרוו. ־דיר אונטער,

~אַרענדירט. נעמען אויף אַרענדע בײַ עמעצן וואָס האָס אַרענדירט. א, די קרעטשמע.

אונטער אַ שלאָס — פּראַזע. 1. פֿאַרשלאָסענערהייט. האַלטן וויכטיקע דאָקומענטן א, אַ ש'. „די מאַמע האָט אויך אײַנגעמאַכטס געהאַלטן א, אַ ש'„, רייד. 2. פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה אָדער אין משוגעים־הויז. „ דערפֿאָר וויל מען אים האַלטן א אַ ש„ וואו ׳יענע, זאָלן ניט קענען צוקומען צו אים„, ש. וועבער, פֿאָך, 11 ׳ 1964 II.

אונטער אַ שלייער — פּראַזע. פֿאַרדעקט, פֿאַרמאַסקירט. געהאַלטן בסוד. „אַלץ איז בײַ אים א אַ ש'. מע קען קיין זאַך בײַ אים נישט דערגיין„, רייד. „זייער אָנקומען ווערט געהאַלטן בסוד, א, אַ ש'", פֿאָר, 28 ׳ 1964 III.

אונטערבאַהעלפֿער

אונטערראשן — [...איישן] טרוו. אַש אונסער, ~געאשט. אונטערצינדן (אין פֿאַרשטעלטן לשון). „מײַן הײַזל איז דאָך...פֿאַרסטראַכירט ...איך וועל דאָס א', און איך וועל פֿאַר

געלט אונטערשטעלן פֿאַלשע עדות, אַז ער,
בנימין, האָט דאָס אונטערגעצונדן,,, אפֿרים
מרגליות, געפֿונענע עלטערן, וואַרשע 1894.
אונטערבּאַמטער — דער, ־טע. וונ ־טע.
אַ בּאַאַמטער וואָס איז אין זײַן ראַנג
נידעריקער ווי אַ צווייטער וואָס איז איבּער אים.
אונטערבּאָבּרען זיך — אוטוו. ־רע זיך
אונטער, זיך ~געבּאָבּרעט. 1. טאָן
פּאַמעלעך, מאַכן שהיות. א, זיך בּײַ דער אַרבּעט.
2. צו בּיסלעך זיך פּלאָנטערן.
אונטערבּאַגאַבּונג — די, ־ען. דטשמ. נר.
פֿעאיקייט, אינטעליגענץ וואָס איז נידעריקער
ווי דער דורכשניט. ,,מאַרך־ און נערוון־
קראַנקייטן אינעם קינדער־עלטער [פֿירן צו] א'',
טאָז, וואַרשע 5 l929, No.

~בּאגלייט. פּפֿ: ~בּאַלייטן. 1. מיטגיין,
אונטערבּאַגלייטן — טרוו. ־לייט אונטער,

מיטפֿאָרן אַ שטיק וועג(ס). א, אַ פֿרײַנד, די געסט. 2. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט אַקאָמפּאַנירן. א, אויף דער פּ אַנאָ.
י

אונטערבאַדאָסן — טרוו. ־דאָס אונטער, ~באַדאָסט. (גראָב) אָפּנאַרן. א, דעם יאָלד פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. מיט ז י ך — דזוו באַמאַכן זיך ←.
אונטערבאַדינען — טרוו. ־דין אונטער, ~באַדינט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט באַדינען. ,,ער האָט ליב מע זאָל אים א',,, רייד.
אתטערבאָדן — דער, ־ס. שיכט אונטער דער אייבערפֿלאַך פֿון ערד; שיכט אונטער קולטיווירטער ערד. ליימיקער, זאַמדיקער אאַ א'. א'־ו ו אַ ס ע ר. ־דיק — אַדי. ,,70 פּראָצענט וואַסע . גייט אומנוציק אַוועק, פֿאַרשטאַרקנדיק מיט דעם דאָס א'ע וואַסער“, ימ, צײַט, שאַוול 1924.
אונטערבאָדן — טרוו. באָד אונטער, ~ געבאָדן. באָדן בלויז פֿון צײַט צו צײַט. ,,אַ קליין קינד איז ניט גענוג אונטערצובאָדן. מע דאַרף עס באָדן טאָג־אײַן טאָג־אויס,,, רייד. אויו מיט ז י ך.
אונטערבאַהאַלטן — טרוו. באַהאַלט

אונטער, ~באַהאַלטן. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט
צו צײַס באַהאַלטן. א, ראַציאָנירטע
פּראָדוקטן. מיט ז י ך. א, זיך פֿון אינספּעקציעס.
אונטערבאַהייצן — טרוו. ־הייץ אונטער,
~באַהייצט. באַהייצן צו ביסלעך, ניט־
שטענדיק, ווייניקער ווי מע באַדאַרף. א, אַ
וואוינונג. א, די שכנים.
אונטערב— ־[. ווער עס העלפֿט אונטער דעם
אהעלפֿער — דער, ־ס. (ווג ־ין,
־קע, ־ס)
באַהעלפֿער פֿון מלמד [געוויינטלעך אַ
שטאַרקער בחור און אַ קנאַפּער בן־תּורה, וואָס
זײַן אַרבעט איז געווען צו ברענגען עסן די
קינדער, צום טייל פֿירן די קינדער אין און
פֿון חדר, און אין אַ שלעכט וועטער, אין
אָ בלאָטע, אין אַ שניי, טראָגן די קלענערע
און רײַכע תּלמידימלעך אין חדר און פֿון

אונטערבאַוואוסטזײַן

חדר אַהיים.] „פֿאַנג זיך אָן מיט דעם
באַהעלפֿער, מיט די מלמדים, מיט די א', מיט
שׂכר־לימוד, מיט ראָש־חודש־געלט,,, ליאָנדאָר,
נײַער בש, ווילנע 1844. „צוויי לערער צו

300 רו„כ, אַ באַהעלפֿער 100 רו„כ, אַן א,
50 רו“כ; באַהייצן, באַלײַכטן און וואַסער
50 רו„כ“, צעד. 2. יעדערע(ר) וואָס העלפֿט
אין עפּעס אַן אַרבעט אָן קענטעניש אָדער
אָן געניטקייט (מיט ביטול).
אונטערבאַוואוסטזײַן — דער (דאָס). מצ
נבֿ. אין דער פֿרויד אַנישער סיסטעם פֿון
י
פסיכאָאַנאַליז, דער כּוללדיקער טערמין פֿאַר
אַלע שפּירונגען, אימפּולסן און באַגערן וואָס
גייען אויף אין מענטשן און וואָס ווערן
נישט קיין טייל פֿון זײַן באַוואוסטזײַן (←.)
אָדער זײַנען פֿון באַוואוסטזײַן רעפּרעסירט
געוואָרן. אַזעלכע איבערלעבענישן קענען יאָ
ווערן אַ טייל פֿון מענטשנס באַוואוסטזיניקער
פּערצעפּציע מיט דער הילף פֿון געוויסע
היפּנאָטישע אָדער פּסיכאָאַנאַליטישע מיטלען. אין
דער שפּעטערדיקער פּסיכאָאַנאַליטישער
טעאָריע ווערט א, אָפֿט פֿאַרביטן מיטן אַנאַליטישן
i(1 (←. איד). [אין דער פּאָפּולערער שפּראַך
און אין דער ליטעראַטור צײַטנווײַז פֿאַרביטן
מיט הינטערבאַוואוסטזײַן, און מיט
אומבאַוואוסטזײַן.] פֿאַרשטופּן, פֿאַרשטויסן אין א'.
בלײַבן אין א'. „די אידייען, וואָס שפּײַזן

זיך פֿון די עמאָציעס, וואָס לויערן אין די
פֿינצטערע בּאַהעלטענישן פֿון אומשׂכלדיקן
א',,, בּ. ריווקין, א גלויבּן פֿאַך אומגלייבּיקע.
,,ערגעץ־וואו אין זײַן א, האָט...דער
שקלאַפֿנטרײַבּער זיך געפֿילט זינדיק פֿאַר דער
בּאַליידיקונג פֿונעם צלם אלהים אויפֿן
נעגערפּנים,,, גרינ, בּלעטלעך פֿון אַ טאָגבּוך.
אונטערבּאַוואוסטזיניק — אַדי. וואָס איז
שייך צו דער ספֿערע פֿון אונטערבּאַוואוסטזײַן,
וואָס האָט אַ שײַכות צו אונטערבּאַוואוסטזײַן.
אינסטינקטיוו, ניט־ראַציאָנעל. טאָן עפּעס א'. דאָס
א'ע אין דעם מענטשן. ־יקייט.
אונטערבּאַוואַסערן — טרוו. ־ער אונטער,
~בּאַוואַסערט. בּאַוואַסערן ווייניקער וויפֿל מע
בּאַדאַרף. א, די פֿעלדער.

▯

אונטערבּאַוואָסענען — טרוו. ־פֿן אונטער,
~בּאַוואָפֿנט. 1. בּאַוואָפֿענען עמעצן בּשתּיקה,
אויף אַ געהיימען אופֿן. א, די הגנה. א,
די מורדים. 2. געבּן (בּאַזאָרגן מיט) וואָפֿן
פֿון צײַט צו צײַט, ניט (גענוג) וויפֿל מע
בּאַדאַרף. א, די פֿרײַוויליקע אַרמיי. אויך

מיט ז י ך. זיך א, מיט אַלטע כּלי􏰀ייִן.
פֿיג. א, זיך מיט נאָך אַרגומענטן. ־
וואָפּענונג.

אונטערבּאַווײַז — דער, ־ן􏰀 זײַטיקער,
אומדירעקטער בּאַווײַז, קלענערער,
אומקלאָרער בּאַווײַז וואָס שטיצט אָבער אונטער אַן
עיקרדיקן בּאַווײַז. האָבּן קעגן עמעצן ניט
מער ווי אַן א'. פֿאַרמשפּטן לויט א'ן.

אונטערבּאַוול — דער. מצ נבֿ. שלעכטער,
בּיליקער מין בּאַוול. טראַקלפֿאָדעם,
פֿאַסטריגעס. ייִהאַנ, 36 No.

אונטערבּאַזיי — דער, ־ען. סאָוו.

טער בּאַזיי. אַקט פֿון אונטערבּאַזייען.
אומגערעטעניש איבּערן פֿרילינגדיקן א'.

אונטערבּאַזייען — טרוו. ־זיי אונטער,
~בּאַזייט. בּאַזייען צו בּיסלעך, ווייניקער
וויפֿל מע בּאַדאַרף. א, די פֿעלדער.

אונטערבּאַזינגען — טרוו. ־זינג אונטער,
~בּאַזונגען. 1. אַ בּיסל פֿון צײַט צו צײַט
,
בּאַזינגען. נאָכמאַכן אַ בדחן און א, חתן־כּלה.

2. אונטערהנפֿענען. איר. שרײַבן לויבלידער וועגן עפּעס אָדער עמעצן. א, דעם מאַכטהאָבער. 3. וועגן אַ ניט־ייִדישער לוויה. א, דעם פּגר. ־עניש. ־ער.

אונטערבאַטאָנונג — די, ־ען. באַטאָנונג פֿון אַ צווייטער מדרגה. צווייטיקע, שוואַכע(רע) באַטאָנונג. היפּוך פֿון איבערבאַטאָנונג. „די א, פֿון די קאָנסטרוקטיווע פּונקטן,,, אַבא גאָרדין פּאַש, 9 1956 III.

,

אונטערבאַטיטלען — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~באַטיטלט. 1. צוגעבן צום נאָמען פֿון אַ בוך (בראָשור, אַרטיקל אע) נאָך אַ (לענגערן) נאָמען פֿון אונטן. מענדעלעס טאַקסע איז אונטערבאַטיטלט די באַנדע שטאָט־בעליטובֿות. 2. געבן, אָנרופֿן עמעצן מיט אַ קלענערן טיטל (ווי יענער פֿאַרמאָגט). על־פּי טענת א, דעם אַמבאַסאַדאָר.

אונטערבאַטייליקן זיך — אוטוו. ־ליק זיך אונטער, זיך ~באַטייליקט. זיך באַטייליקן אין עפּעס נאָר פֿון צײַט צו צײַט אָדער ניטגענוג. ניט זײַן קיין אַקטיווער מיטגליד, בלויז זיך א, אין אַ פּאָר זיצונגען.

אונטערבאָטן — טרוו. באָט אונטער, ~

געבאָטן. 1. פֿאָרלייגן, אָנבאָטן אַ פּרײַז וואָס איז נידעריקער פֿון אמתן ווערט. א אַ פּרײַז.

,

2. אומגעריכט אַרויסקומען מיט אַן אָנבאָט פֿון אַ העכערן אָדער נידעריקערן פּרײַז און מיט דעם אויסקאָנקורירן. „ס'איז געגאַנגען אויף אַ לאַד, אָבער בײַם שליסן דעם

אָפּמאַך האָט מען אונדז אונטערגעבאָטן“. ־עכ ן.

־עניש.

אונטערבאָיקאָטירן — טרוו. ־טיר

אונטער, ~באָיקאָטירט. באָיקאָטירן ניט־אָפֿן. באָיקאָטירן פֿון צײַט צו צײַט. א, ייִדישע געשעפֿטן.

אונטערבאָכ(ק)ען — טרוו. באָכ(ק)ע

אונטער, ~געבאָכ(ק)עט. פּפֿ: ~באָכציען, ~בוכ(ק)ען. 1. קלאַפּן, שלאָגן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אָדער בשתיקה. א, שטילערהייט די קינדער. 2. אונטערטרייַבן מיט שטורכען, מיט באָכקעס. ־עניש.

אונטערבאַלאָדן — טרוו. ־לאָד אונטער, ~באַלאָדן. אָנלייגן משׂא ווייניקער וויפֿל מע באַדאַרף אָדער מע קען. א אַ וואָגן, אַ וואַגאָן.

,

־ונג.

אונטערבאַלאַקען — אוטוו. ־קע אונטער,
~באַלאַקעט פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך
.
רעדן סתּם, גוטמוטיק פֿרײַנדלעך; שמועסן
,
וועגן פֿאַרשיידענע ענינים, שפּרינגענדיק פֿון
טעמע צו טעמע. א, ווי אַלטע שכנטעס
וועגן אַלץ אין דער וועלט.

אונטערבאַמ עןזיך

אונטערבאָלבען — טרוו. ־בע אונטער,
~געבאָלבעט. 1. אונטערפּלאַפּלען פֿון צײַט
צו צײַט. רעדן נאַרישקייטן, ניט צו דער
זאַך. א, ווי אַן עובֿר־בטל. 2. אונטערזאָגן
עפּעס וואָס איז אַ רכילות, וואָס קען
אויפֿהעצן. א, אין אויער אַרײַן אַ נײַע
פּליאָטקע. 3. זאָגן עפּעס אין דער שטיל אָדער
בשתּיקה. א, עפּעס וואָס מע קען ניט
פֿאַרשטיין. —עניש.
אונטערבאַלייטן — טרוו. דזוו
אונטערבאַגלייטן (←).
אונטערבאַלײַכטן — טרוו. ־לײַכט אונטער,
~באַלויכטן. באַלײַכטן פֿון אונטן אַרויף.

א, די בינע. ־ונג.

א   עו — טרוו. פפּ:

דזוו אונטערבּאָלבּען

(←.), נאָר האַרבּער, שטרענגער.

אונטערבּאַלעווען — טרוו. ־לעווע אונטער,

~געבּאַלעוועט. פּ(י)עשטשען, פֿאַרציִען, צו

ביסלעך אָדער פֿון מאָל צו מאָל. א, דעם

בּן־יחיד. מיט ז י ך — ווערן אַ ביסל

צעלאָזן, זיך פּ(י)עשטשען, זיך פֿוילן פֿון צײַט

צו צײַט. א, זיך ווי אַ בת־יחיד'קע.

אונטערבּאַלעמוטשען — אוטוו. ־טשע

אונטער, ~(גע)בּאַלעמוטשעט. פֿאַרטאַכלעווען

צײַט ווען־ניט־ווען. א, בײַ דער אַרבעט. „

צווישן די ביימער, וואו כ'האָב אַ ביסל

אונטערבּאַלעמוטשעט בײַם רײַסן יאַגדעס“, ב. עליס,

פֿאָר, 13 1964 XII.

אונטערבּאַלעקן — טרוו. איצ, אימפּ נב;

~בּאַלעקט. (גראָ▯) חנפֿענען עמעצן, זיך

לעקן צו עמעצן, אויף אַ וואולגאַרן אָדער

איבערגעטריבענעם אופֿן וועלן געפֿעלן. א,

דעם גבֿיר.

אונטערבּאַלעקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

(אומאיידל) זיך קוויקן מיטן טעם נאָכן נהנה

זײַן. א, זיך מיטן (נאָכן) פֿעטן טשאָלנט.

א, זיך מיט אַ פּליאָטקעלע.
אונטערבּאַלקן — דער, ־ס. קלאָץ וואָס אויף אים האַלט זיך די (הילצערנע) סטעליע.
אונטערבּאַמאַכן זיך — אוטוו. ־מאַך זיך אונטער, זיך ~בּאַמאַכט. 1. (גראָבלעך) דזוו בּאַמאַכן זיך, נאָר עמפּאַטישער. זיך אומריין מאַכן מיטן אייגענעם שטולגאַנג, מיט צואה. א, זיך ווי אַ קליין קינד, ווי אַ שיכּור. 2. (גראָב) זיך (לאָזן) אָפּנאַרן. זיך א, ווי ויזתא.
אונטערבּאָמבּאַררירן
1. פֿון צײַט צו צײַט
— טרוו. ־ןיר אונטער, ~בּאָמבּאַרדירט.
אַטאַקירן מיט בּאָמבּעס. א, אַ שטאָט. 2. פֿאַרוואַרפֿן מיט פֿאָדערונגען, טענות אע. א, די נײַע פֿאַרוואַלטונג מיט פֿאָרוואורפֿן.
אונטערבּאָמבּלען זיך — אוטוו. ־בּל זיך אונטער, זיך ~געבּאָמבּלט. זיך נאָכשלעפּן, נאָכהענגען פֿון אונטן. „די שווערד בּאָמבּלט זיך אונטער און פּלאָנטערט זיך צווישן די פֿיס“.
אונטערבּאַמ□ען זיך — אוטוו. ־מי זיך אונטער, זיך ~בּאַמיט. זיך אָנשטרענגען

אונטערבאַמקען

אין אַ געוויסער מאָס עפּעס אויפֿצוטאָן.
,,מעגסט זיך אַמאָל א, אויך פֿאַר אַ פֿרײַנד,,,
רייד. ־אונג.
אונטערבאַמקען, ־באָמקען — טרוו. ־קע
אונטער, ~געבאַמקעט (־באָמקעט). 1. פֿון
צײַט צו צײַט אַרויסגעבן די קלאַנגען באַם
אָדער באָם. אונטערזינגען (מיט אָט די
קלאַנגען). א, אַ ניגונדל. א, דעם חזן [דאַטיוו].
א, מיטן באַס. ,,ער האָט אַ מאַך געטאָן
מיט דער האַנט און עפּעס אונטערגעבאָמקעט,,,
נ. עק, גק, No 49. 2. זאָגן עפּעס אומקלאָר
און זינגעוודיק. א, עטלעכע ווערטער. ,,
שטילינקערהייט אונטערגעבאָמקעט אַ מזל־טובֿ דעם
נײַעם דעפּוטאַט“, פֿרוג III.
3. אונטערחנפֿענען; צושטימען, מסכּים זײַן
(מער לפּנים ווען) אויס מורא אָדער
שוואַכקייט. ,,די דיינים וואָס זענען נעבעך אין
די הענט פֿון די בעלי־טובֿות און מוזן זיי
א',,, ממוס. ,,די באַרימטע טעאָריע, וועלכע
עס האָבן אונטערגעבאַמקעט אייניקע אויך
פֿון די לינקע עלעמענטן“, צו דער

נאַציאָנאַלער פּראַגע, זשענעוו 1905. „...האָט אים נאָר
אונטערגעבאָמקעט“, ווײַס, ,בערל און שמערל'.
„ווי נאָר די ייִדישע ליטעראַטור וועט געבן
איר הסכּמה אויף דעם...און אָנהייבן
אונטערצובאַמקען, וועלן זיך עפֿענען פֿאַר איר
די ברייטסטע האָריזאָנטן„, שנ, לעזער,...
דיכטער, קריטיקער I.
־עכץ. ־עניש. ־ער.
אונטערבאַן — די, ־ען. (עלעקטריש־
באַטריבענע) באַן אונטער (דער אייבערפֿלאַך
פֿון) דער ערד. פֿאָרן מיט דער א., „אין
לאָנדאָן,...האָט שוין לאַנג פֿונקציאָנירט די...
א'“, לע, טמז, 18 1964 XI.
אתטערבאַנאַרישן זיך — אוטוו. ־ריש
זיך אונטער, זיך ~באַנאַרישט. דזוו
באַנאַ◌רישן זיך, נאָר עמפֿאַטישער. זאָגן אָדער טאָן
וואָס עס פּאַסט ניט. א, זיך ווי אַ קליין קינד.
אונטערבאַנדאַזשירן — טרוו. ־זשיר
אונטער, ~באַנדאַזשירט. 1. אַרומבינדן מיט
אַ באַנדאַזש פֿון אונטן. א, דעם
צעקאַליעטשעטן פֿוס. 2. באַנדאַזשירן אויף דערווײַל,
אין אײַלעניש. א, די וואוגד, ביז דער
דאָקטער וועט קומען.
אונטערבאַנוצן — טרוו. איצ, אימפּ נב;

~באַנוצט. באַנוצן עפּעס נאָר פֿון צײַט צו צײַט, ווייניקער ווי מע באַדאַרף אָדער ווי מע קאָן. א, גוטע מכשירים פֿון פֿיזישן קאַבינעט. אויך מיט ז י ך — א, זיך מיט אַ מיקראָסקאָפּ. ־ונג.

אתטערבאַנעצן — טרוו. ־נעץ אונטער, ~באַנעצט. 1. מאַכן אַ ביסל נאַס פֿון אונטן (געווײנלעך ווען השתּנה). א, די הײַזעלעך. מיט ז י ך — פֿון צײַט צו צײַט לאָזן השתּנה אונטער זיך. „אַ פֿינפֿיאָריק ייִנגעלע און באַנעצט זיך נאָך אונטער“. 2. טרינקען אַ ביסל משקה כּדי גרעסער צו מאַכן די שׂמחה. „ייִדן גיט מיר אָפּ מזל־טובֿ, מײַן טאָכטער איז אַ כּלה געוואָרן. — שטעל אַ פֿלעשל און לאָמיר א, די שׂמחה“, רייד.

אונטערבאַנקראָטירן — אוטוו. ־טיר אונטער, ~באַנקראָטירט. עטלעכע מאָל (פֿון צײַט צו צײַט) באַנקראָטירן (און דערבײַ זיך אויסגלײַכן מיט די קרעדיטאָרן). „פֿאַרפֿאַלן, אַ שניטקרעמער מוז א,,, רייד.

אונטערבאַסמאַרקען — טרוו. ־קע

אונטער, ~באַסמאַרקעט. 1. שמוציק מאַכן פֿון
אונטן אָדער אַ ביסל מיט לייכעץ, מיט ראָץ.
א אַ מלבוש. 2 פֿיג. באַרעדן,
אויסטראַכ, .
טן עפּעס וואָס פֿאַרשמוצט דעם נאָמען. א,
עמעצן מיט אַ ממזר־בלבול. אויך מיט ז י ך
— דזוו אונטערבאַדאָסן זיך.
אונטערבאַסעווען — ־סעווע אונטער, ~
געבאַסעוועט. אוטוו — אונטערבאַמקען,
פּאָטאַקעווען, צוגעבן, נאָכזאָגן. „...האָבן טייל
מיט מיר געהאַלטן, אַנדערע פֿליאַסקעדריגעס
האָבן דעם באַלטער [דאַטיוו]
אונטערגעבאַסעוועט„, קמ, 20 1869, No. „שפּרינגט
אַרויס
איינע מיט אַ פּיסק און באַסעוועט אונטער
דער פֿריִערדיקער„, ממוס, ווינטשפֿ. „בשעת
דעם שמועס מיט די קבצנים האָבן די ווייַבער
אונטערגעבאַסעוועט מיט ביטערע זיפֿצן„,
ממוס, 'נשׂרפֿים'. טרוו — אונטערזינגען מיט
אַ באַסאָווער שטים אָדער אונטערשפּילן אויפֿן
באַס. א אַ ניגון.

,

אונטערבאָסעווען — אוטוו. ־סעווע
אונטער, ~געבאָסעוועט. אַמ. איר, מיט ביטול.

פֿון צײַט צו צײַט פֿירן זיך ווי אַ בעל־הבית, אַ באָס. „דער פֿאָרמאַן אין שאַפּ האָט ליב א, און הערשעווען איבער די אַרבעטער„, רייד.
אתטערבאַפּוצן — טרן. ־פּוץ אונטער, ~באַפּוצט. 1. באַפּוצן, באַצירן אַ ביסל, מאַכן שענער אויף אַ געוויסן גראַד. א, די קינדערלעך פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג. 2. באַפּוצן פֿון אונטן. א, דאָס קלייד. 3. מגזם זײַן, איבערטרײַבן (אַ ביסל) ווי ס'איז אינדער־אמתן. א, די מעשׂה מיט אַ ליגן. אויו מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
אונטערבאַפּישן — טרוו. ־פּיש אונטער, ~באַפּישט. (גראָב) צײַטנווײַז מאַכן נאַס מיט השתּנה. א, די הײַזעלעך. פֿרגל
אונטערבאַאונ□. או□ □ — טרוו ־פֿלעק אונטער,
עקן .
נעצ יט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
ערב־ ס
~באַפֿלעקט. באַדעקן עפּעס מיט פֿלעקן ערטערווײַז אָדער שוואַך. א, אַ לײַלעך. ספּעצ וועגן זרע, קרי, דם־נידה. אויך מיט ז י ך. ־עכץ.
אונטערבאַפֿעלקערן — טרוו. ־ער

אונטער, ~בּאַפֿעלקערט. אַרײַנבּרענגען ווייניקער
אײַנוואוינערס וויפֿל דאָס לאַנד בּאַדאַ□ף אָדער
קען אויסהאַלטן. „מע טאָר ניט א, דעם
גרענעצפּאַס„. „דאָס לאַנד איז
אונטערבּאַפֿעלקערט, ווײַט ניט גענוג קולטיווירט“, גרינ,
ייִד און וועלט ־ונג.

□

אונטערבּאַפֿעסטיקן — טרוו. ־טיק אונטער,
~בּאַפֿעסטיקט. 1. מאַכן פֿעסטער פֿון אונטן.
א, די צווײַגן מיט פֿלעקענער, מיט אײַזנס.
א, די בּריק, די רושטאָוואַניעס. 2. דזוו
בּאַפֿעסטיקן. א, די פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם
אומשולדיקן. ־ונג.

אונטערבּאָקעווען

אתטערבּאַצאָלט — אַדי. פּאַר ← דוווו.
ai(l□ונIו)un(le:□ . „אַ פֿרוי איז נישט קיין
מומיע...און נישט קיין א'ע דיש־וואַשערין“,
טמז, 15 3□19 XII.

אונטערבּאַצאָלן — טרון. ־צאָל אונטער,
~בּאַצאָלט. בּאַצאָלן ווייניקער וויפֿל מע
דאַרף. א, די אַרבּעטער. ־ונג.

אונטערבּאַצירן — דזוו אונטערבּאַפּוצן (←).

אונטערבּאַצירק — דער, ־ן.
אַדמיניסטראַטיווער טייל פֿון אַ בּאַצירק, אַ לאַנדקרײַז
(ספּעצ אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך).
אונטערבּאַקאַקן — טרוו. ־קאַק אונטער,
~בּאַקאַקט. וואול. 1. בּאַדעקן פֿון אונטן
מיט צואה. א, די הויזן. 2. אָפּנאַרן,
פֿאַרפֿירן, מיאוס אָפּטאָן. א, דעם קאָנקורענט.
מיט זיך — 1. „גיי, דײַן ממזרוק האָט
זיך אונטערבּאַקאַקט,,. 2. אַליין מיאוס זיך
אָפּנאַרן, אַרײַנפֿאַלן. בּאַנאַרישן זיך. 3. קזוו
איינער דעם אַנדערן קאַליע מאַכן. ־עכץ.
־עניש.
אתטערבּאַקומען — טרוו. ־קום אונטער,
~בּאַקומען. 1. בּאַקומען פֿון צײַט צו צײַט
אָדער צו ביסלעך, אָדער געהיים. 2.
אַרײַנקריגן עמעצן אונטער דער אייגענער שליטה.
אַרײַננאַרן אין אַ פּאַסטקע. א, עמעצן אין
די הענט אַרײַן.
אונטערבּאַקלאָגן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ;
~בּאַקלאָגט. בּאַקלאָגן, בּאַוויינען עפּעס אָדער
עמעצן ווען־ניט־ווען אָדער צוריקגעהאַלטן.
זיך דערמאָנען און א, די פֿאַרשטאָרבּענע.
אונטערבּאַקלאָגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אַרויסקומען צײַטנווײַז מיט טענות אָדער

תּבֿיעות קעגן עפּעס אָדער עמעצן. א, זיך אויפֿן
ביטערן מזל.
אונטערבאַקליידן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~באַקליידט פֿאַרזאָרגן מיט קליידונג
ווי׳.
ניקער ווי מע באַדאַרף. א, די יתומים פֿון
קינדערהיים. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אונטערבאַקלעפּן — טרון. ־קלעפּ אונטער,
~באַקלעפּט. באַקלעפּן פֿון אונטן אָדער אויף
דער גיך. א, די פֿענצטער אויף ווינטער.
אתטערבאַקן — טרוו. באַק אונטער, ~
געבאַקן, ~געבאַקט. 1. באַקן אַ ביסל, באַקן
לענגער ביז אינגאַנצן פֿאַרטיק. א, דאָס ברויט
ביז עס ווערט ברוין. א, קאַרטאָפֿל. 2. (פֿון
צײַט צו צײַט) פֿאַרנעמען זיך מיט באַקן (ווי
מיט אַ זײַטיקער פּרנסה). א, בייגל. מיט
ז י ך. „דאָס ברויט האָט זיך שוין
אונטערגעבאַקן, צײַט אַרויסצונעמען פֿון אויוון“,
רייד. ”גיסט אַרויף אויף אַ הייסער
סקאָווערדע, באַקט אויף אַ קליינעם פֿײַער, ביז עס
באַקט זיך אונטער“, מישולאָוו, וועגעט,
קאָכבוך, נ״י 1926. א, זיך אויף דער זון. ־עכ ן.
־עניש.
אונטערבאָקעווען — טרוו. ־קעווע

אונטער, ~געבאָקעוועט. (שנײַדעריש)
אונטערלייגן עפּעס (וואַטע, האַרטלײַוונט אע) בײַ
די זײַטן (באָקעס) פֿון אַ מלבוש. א, דעם
פּאַלטן.

אונטערבאָקעווען זיך

אונטערבאָקעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך שטעלן באָקעם, מיט אַ זײַט פֿאָרויס
און (אָדער) מיט ביידע הענט אויף די
היפֿטן אָדער זײַטן. א, זיו און ווײַזן אַז מע
האָט ניט קיין מורא. 2. פֿיג. אַרויסווײַזן
עזות, גרייטקייט זיך צו שלאָגן, זיך צו פֿאַר
מעסטן. א, זיך און לאַכן חוצפּהדיק אין
פּנים אַרײַן.
אונטערבאַראַבאַנ(י)ען, ־באַנעווען —
אוטוו . טרוו. ־נ(י)ע, ־נעווע אונטער; ~(גע)־
באַראַבאַנ(י)עט, ~(גע)באַראַבאַנעוועט. 1.
קלאַפּן אין פּויק פֿון מאָל צו מאָל אָדער
אונטערהאַלטן דעם טאַקט בײַם שפּילן,
מאַרשירן אע. א, בײַם פּאַראַד. א, דעם (בײַ)
מאַרש. 2 פֿון צײַט צו צײַט ריידן הויך
.
אויפֿן קול (נאַרישקייטן אָדער אַזוינס וואָס

מע וויל ניט הערן). 3. במקום־ווערב פֿאַרן אַרויסגעבן פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס דערמאָנען אין פֿויקן (וועגן שיסערײַ, נפֿיחות אאַ).

אונטערב(אָ)ראָנעווען — טרוו. ־געווע אונטער, ~(גע)ב(אָ)ראָנעוועט. וורר, אוקר. באָראָנעווען אַ ביסל; דורכגיין מיט דער באָואָנע איבערן צעאַקערטן פֿעלד, באָדן, ביזן פֿאַרענדיקן די אַרבעט. א, דאָס פֿעלד.

אונטערבאָראָנען זיך — אוטוו. ־נע זיך אונטער, זיך ~געבאָראָנעט. סל.: <

.ni, (O]oll], r e זיך פֿאַרטיידיקן, זיו ווערן פֿון צײַט צו צײַט. א, זיך פֿון (קעגן) די שקצים.

אונטערבאָרבלען — ← אונטערבורבלען.

אונטערבאָרגן — טרוו. באָרג אונטער, ~געבאָרגט. באָרגן פֿון צײַט צו צײַט אַדער צו ביסלעך. נעמען אויף קרעדיט. א, אַ גמילות־חסדל. א, אין קרעמל. א, בײַ יענעם אַ געדאַנק. ־עניש.

אתטערבאַרימען זיך — אוטוו. ־רים זיך אונטער, זיך ~באַרימט. איר. פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך זיך באַרימען. א, זיך מיט קינדער. א, זיך מיט נסים ונפֿלאות. ־עכץ. ־עניש.

אונטערבאַריקאַדירן — טרוו. ־דיר אונטער, ~באַריקאַדירט. באַריקאַדירן פֿון אונטן, פֿאַרשטעלן דורכגאַנג מיט באַריקאַדן. א, די טיר פֿון קעלער. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אתטערבאַרען — טרוו. ־רע אונטער, ~ געבאַרעט. 1. (גראָב) אונטערנאַרן. א אַ קונה.

,

2. במקום־ווערב פֿאַר פֿאַרשיידענע טואונגען וואָס מע וויל ניט אָנרופֿן מיטן ריכטיקן וואָרט אָדער ווי אַ מיטל אויסצודריקן ביטול. א, עמעצן, ער זאָל זיך וואַרפֿן שלאָגן. ,, יענע לאָזט זיך א',,. ־עכץ. ־עניש.

אונטערבאַרשטן — טרוו. באַרשט אונטער, ~געבאַרשט (אויך: ~געבאָרשטן). באַרשטן פֿון אונטן; באַרשטן פֿון צײַט צו צײַט אָדער נאָר אַ ביסל. א, דעם יום־טובֿדיקן מלבוש.

אונטערבאַשטאַטן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~באַשטאַט. באַשטאַטן, באַזאָרגן (מיט שפּײַז, בגדים, מכשירים, מיטלען צו פּרנסה) ווייניקער ווי מע דאַרף אָדער נאָך אָ ביסל. א, דעם קרובֿ מיט אײַנמאָליקער הילף. א, די כלה מיט אַ צו אָרעמען אויסשטײַער.

אונטערבאַשטײַערן — טרוו. ־ער אונטער, ~באַשטײַערט. אַרויפֿלייגן אַ שטײַער, וואָס איז קלענעד ווי מע דאַרף (ווי עס איז יושרדיק). א, די רײַכע און שינדן די הויט פֿון די אָרעמע. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אונטערבאַשטעלן — טרוו. ־שטעל אונטער, ~באַשטעלט. באַשטעלן בלויז צײַטנווײַז אָדער ווייניקער ווי מע דאַרף. מאַכן אַ באַשטעלונג ווי אַ פּרווו. א, אויסלענדישע ווײַנען. ־ונג.

אונטערבאַשיצן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~באַשיצט. באַשיצן נאָר צײַטנווײַז, זעלטן, צי ווייניקער ווי עס איז נייטיק. א, ייִדן פֿון אָנפֿאַלן. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אונטערבאַשלאָגן — טרוו. ־שלאָג אונטער, ~באַשלאָגן. באַשלאָגן, באַדעקן פֿון אונטן. א, די פּריזבע מיט ברעטלעך. א, דעם מאַנטל מיט פֿוטער.

אונטערבאַשמירן — טרוו. ־יר אונטער, ~ באַשמירט. באַשמירן פֿון אונטן אָדער אַ ביסל ווייניקער וויפֿל מע באַדאַרף. באַשמיר אונטער די רעדער. א, די פּאַטעלניע מיט פּוטער.

אונטערבאַשמעלצן — טרוו. ־עלץ אונטער, ~באַשמאָלצן, ~באַשמעלצט. צוגעבן

אַ ביסל פֿעטס (פֿון אונטן). בלויז אַ
קאַפּעלע א', עס זאָל ניט צוברענען. א, די
מעשׂה, דעם ליגן. ־עכץ.
אונטערבאַשעפֿטיקן — טרוו. איצ, אימפּ
נב; ~באַשעפֿטיקט. געבן באַשעפֿטיקונג אין
אַ קליינער מאָס, ניט אויף פֿולן געהאַלט.
א אַ פּאָר קרובֿים. א, עטלעכע מענטשן. אויך
,
מיט ז י ך. ־ונג.
אתטערבדהנען — [...באַדכענען] אוטוו.
בדחן אונטער, ~געבדחנט. פֿאַרנעמען זיו
מיט בדחנות ווי מיט אַ זײַטיקער פּרנסה.
א, מיט פֿרעמדע גראַמען.
אונטערבדקע(נע)ן, ־קעווען — [...
באַדקען] טרוו. ־קע(ווע) אונטער, ~געבדקע(ווע)ט,
~געבדקנט. 1. בדקען נאָר אַ ביסל, ניט
אינגאַנצן, פֿון צײַט צו צײַט. זיך לעתען
שחיטה און א'. אַרײַנשטעקן די האַנט אין
די אינגעווייד און א'. 2. אַ ביסל פֿאָרשן,
זובן, פּרוּוון עפּעס דערגיין, אויספֿרעגן. א,
דעם ענין.
אונטערבוי — דער, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערבויען. יסוד, פֿונדאַמענט.
,,דאָס רובֿ היגיענישע פֿאָרשריפֿטן פֿון ביבל

האָבן ניט פֿאַרלאָרן זייער ווערט, אַפֿילו ווען
ס'האָט זיי געפֿעלט דער וויסנשאַפֿטלעכער א'",
פֿגעז, ווילנע 4 1938' No. ־אונג.
אונטערבויך — דער, ־בײַכער. 1.
אונטערשטער, נידעריקער טייל פֿון בויך. פֿעטס
פֿון א'. 2. אייפֿעמיזם פֿאַר דעם
געשלעכטאָרגאַן אָדער פֿאַר דער אַנאַלער עפֿענונג.
אַ מכּה אויפֿן (אין) א'.
אתטערבויכיק — אַדי. וואָס איז אונטערן
בויך. „די פֿערד ניט אויסשפּאַנען. ניט
פֿונאַנדערזאָטלען, אָפּלאָזן נאָר די א'ע פּאַסן„, ש.
בּרעגמאַן, דורד קריג און רעוואָלוציע I.
אונטערבוימלען — טרוו. ־מל אונטער,
~געבוימלט. 1. אונטערשמירן אַ ביסל מיט

אונטערבורטשען

בוימל. א, די (נידעריקע) מאַשין־טיילן.
2. אונטערהיצן, צוגעבן חשק; אָנציִען. „
געטאַנצט האָט ער...און דער עולם האָט אים
אונטערגעבוימלט: רײַב, רײַב! אָט אַזוי
שטאַרקער", פּמ, איינס אַף איינס. ־עניש.
אונטערבויען — טרוו. בוי אונטער, ~
געבויט. 1. צובויען אונטער עפּעס.

באַפֿעסטיקן (פֿון אונטן). א, אַ קעלער. א, אַ
פֿונדאַמענט. „ווען עס איז ניטאָ קיין
פֿונדאַמענט, זינקט די געבײַדע און דאָס א,
העלפֿט גאָרניט“, איש יהודי [לעאָן
ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג 4 1900, No.
2. צובויען צו דעם וואָס איז פֿאַראַן נאָך
עפּעס. א, אַ פֿליגל, אַ באַלקאָן. 3. העלפֿן
שאַפֿן אַ יסוד פֿאַר עפּעס פֿאָרמולירן הנחות,
—
אַנטוויקלען. א, אונדזערע ייִדישע שולן. א,
אַ טעאָריע.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.
אונטערבויערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געבויערט. 1. בויערן אונטער עפּעס. א, אַ
טונעל. 2. בויערן בהדרגה אָדער פֿון צײַט
צו צײַט. 3. מאַכן צו נישט, דעזאַרגאַניזירן,
אונטערגראָבן. א, די גאַנצע אָרגאַניזאַציע.
אויך מיט ז י ך. ־ניש.
אונטערבויקערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געבויקערט. פּפֿ: ~בייקערן. שלאָגן מיט
אַ פֿויסט פֿון צײַט צו צײַט אָדער
בשתּיקה. א, די זײַטן אַז קיין האָן זאָל ניט אַ
קריי טאָן.
אונטערבוכ(צ, ק)ען — טרוו. ־כע, ־כצע,

־כקע אונטער; ~געבּוכ(צ, ק)עט. אויו:
~בּוטשקען. געבן קלעפּ מיט אַ פֿויסט
שטילערהייט אָדער ווען־ניט־ווען. א, עמעצן
אין האַלדז און נאַקן. מיט ז י ך — קזוו.
~בּוכען זיך — אויך (גראָב, נאָר וועגן
אַ פֿרוי) האָבן סעקסועלן פֿאַרקער פֿון צײַט
צו צײַט. ־עניש.
אונטערבּולבּען — 1. דזוו
אונטערבּאָלבּען ←. 2. (אַקטיאָריש) פֿוו צײַט צו צײַט
מאַכן בּולבּעס, איבּערדרייען אָדער קאַפּויער
אַרויסזאָגן ווערטער.
אתטערבּונטעווען — טרוו. ־טעווע
אונטער, ~געבּונטעוועט. כּסדר אָדער צײַטנווײַז,
בּשתּיקה העצן צו אַ בּונט. א, די זעלנערס,
דעם המון. אויך מיט ז י ך.
אונטערבּוקן זיך — אוטוו. בּוק זיך
אונטער, זיך ~געבּוקט. טיף פֿאַרנייגן זיך פֿאַר
עמעצן. א, זיך פֿאַרן שׂררה. ־עניש.
אונטערבּורבּלען — טרוו. ־בּל אונטער,
~געבּורבּלט. אויסבּורבּלען (←) עפּעס פֿון
צײַט צו צײַט.
אונטערבּורטשען — טרוו. ־טשע אונטער,
~געבּורטשעט. מורמלען, ריידן ניט־קלאָר,
ניט־פֿאַרשטענדלעך אָדער אומצופֿרידן מחמת

בּרוגז, כּעס, שעמעוודיקייט אאַ. א, אונטער דער נאָז די עטלעכע ווערטער. א, ווי אַ קילע. „זי האָט אַ בּיסעלע אונטערגעבּורצעט, דען זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען צו וואָס זי גיט אַוועק איד לעצטן טרייסט פֿון איר לעבּן,„ ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע

אונטערבּורען

1865. „זי בּורטשעט אַפֿילו אַמאָל אונטער אויף מיר פֿונדעסטוועגן איז זי מיר טרײַ“,
...
עבצ“ן [גאָלאָמבּ], חד גדיא, ווילנע 1894. „דער בּאַס בּורטשעט אונטער ווי אַ בּער“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „טאָמער וועט דער קטיגור א'?„ יג, תּוך. ־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.
אונטערבּורען — טרוו. ־רע אונטער, ~ געבּורעט. אונטערהעצן, אונטערבּונטעווען. כּסדר אָדער צו בּיסלעך, צײַטנווײַז פֿאַרנעמען זיך מיט העצן. א, דעם המון. „גייט עס דאָ אין פֿאַרמסרן, אין א.. מאַאָ מיינט אונטערצובּורען די אומצופֿרידענע קאָמוניסטישע עלעמענטן“, בּצג, טמז, 17 XI 1964. ־עניש.

־ער.
אונטערבֿהורן זיך — [...בּאָכערן] אוטוו.
בֿחור זיך אונטער, זיך ~געבֿחורט. 1. וועגן
אַ מאַן. האָבּן געשלעכטלעכן פֿאַרקער ניט
מיט דער אייגענער ווייַבּ. 2. וועגן אַ פֿרוי.
פֿאַרקערן מיט מענער.
אונטערבֿטלען — [...בּאַטלען] אוטוו. בֿטל
אונטער, ~געבֿטלט. פֿון צייַט צו צייַט זיך
אויפֿפֿירן (רעדן, טאָן) ווי אַ בֿטלן; פּטרן
צייַט. "ניין, ער איז ניט קיין בֿטלן, ער
בֿטלט נאָר אונטער", רייד.
אונטערבּיגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~
געבּיגלט. דזוו אויסבּיגלען (←), נאָר בּיים
פֿאַרענדיקן, אָדער פּרעסן פֿון אונטן ־ער
—
.
— "אפֿשר איז זי אונטערגעגאַנגען מיט דעם
א, פֿונעם טאַפּ פֿלאָר?", נאַד.
אונטערבּידעווען — אוטוו. ־דעווע אונטער,
~געבּידעוועט. בּידעווען, לייַדן דחקות, צרות,
כּסדר אָדער צייַטנווייַז, צו בּיסלעך. א, בּיז
די ישועה וועט קומען.
אונטערבּיטן — טרוו. בּיט אונטער, ~
געבּיטן. דזוו אונטערבּאָטן ←.
אונטערבּיטשעווען — ־טשעווע אונטער,

~געביטשעוועט. פּאָד. yBa'r][ו( ]ni,ח: < .
טרוו — שטאַרקן די כּוחות מיט געבן אַ
סך צום עסן, שטאָפּן עמעצן מיט מאכלים.
א, דעם מאַן נאָך אַ קרענק. אויך מיט ז י ך.
אוטוו — דזוו אונטערבּידעוועןּ, נאָר
געוויינלעך בּלויז וועגן חיונה. אָן און מיט ז י ך.
אתטערבּייג — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערבּייגן. בּלויז אַ קליינער א'.
־ונ.
אונטערבּייגן — טרוו. בּייג אונטער, ~
געבויגן. 1. פֿאַרבּייגן פֿון אונטן, אַהינטער.
א, די פּאות. א, דעם טשוואָק. פֿיג. א, דעם
שטאָלץ, דעם חוס. 2. בּייגן אַראָפּ. א אַ
,
צווײַג. א, דעם קאָפּ. 3. מאַכן אַ בּיסל
קירצער, מאַכן אַ פֿאַלד. א, די קאַפּאָטע. א,
די בּויגנס פּאַפּיר, זיי זאָלן אַרײַן אין דער
טעקע. 4. בּאַקעמפֿן. צווינגען עמעצן
נאָכגעבן. „צו געבן גוטן שׂכר צו די צדיקים,
וואָס זיי בּייגן אונטער די סטרא־אַחרא„,
תּניא, 108. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
אונטערבּייגן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. ווערן אונטערגעבויגן פֿון זיך, אָן אַ

זײַטיקן כּוח אָדער אָן אָנווײַז אויף אַ סיבּה,

692

אַ כּוח. די צווײַגן בּייגן זיך אונטער. זיך
א, אויף דער עלטער. „און די פּיס בּייגן
זיך איר אונטער פֿאַר גרויס פּאָרכט„, ל.
יאָסעלאָוויץ, דער פֿאַרוואָגלטער (הנדוד), ווילנע
תּרמ„ו. 2. רעפֿל. אונטערבּייגן דעם
אייגענעם גוף; אײַנקאָרטשען זיך. א, זיך אונטערן
(הינטערן) טיש. 3. פֿאַרנייגן זיך. 4.
נאָכגעבּן, ניט בּאַשטיין אויף דעם לכתּחילהדיקן
פֿאַרלאַנג אָדער פֿריִערדיקער מיינונג. "דעם
מענטשנס שׂכל ווערט...געצוואונגען
אונטערצובּייגן זיך דער אייבּערהערשאָפֿט פֿון חלום",
זשיט II, נ"י 1912.
אונטערבּײַדלען — אוטוו. ־דל אונטער,
~געבּײַדלט. נעאָל. פֿון צײַט צו צײַט
פֿאַרנעמען זיך מיט בּויען בּײַדלעך, זיך
אײַנשטעלן צו לעבּן צײַטווײַליק. „און אַפֿילו
ווען מע האָט געלעבּט אין אייגענעם לאַנד,
האָט מען אויך צו בּיסלעך אונטערגעבּײַדלט.
די סוכּה איז אַרײַן אין די בּיינער פֿון

פֿאָלק,,, בּצג, טמז, 20 1964 IX.
אונטערבּייזערן זיך — אוטוו. ־ער זיך
אונטער, זיך ~געבּייזערט. אַרויסוווײַזן כּעס
צו בּיסלעך, צײַטנווײַז אָדער לפּנים. א, זיך
אויך אויפֿן בּעסטן תּלמיד.
אתטערבּײַט — דער, ־ן. אַקט אָדער
פּראָצעס פֿון אונטערבּײַטן. א, פֿון צײַטן.
אונטערבּײַטן — טרוו. בּײַט אונטער, ~
געבּיטן. 1. על־פּי טעות אָדער בּכּיוון געבּן
אָדער נעמען איינס אַנשטאָט דאָס אַנדערע.
א אַ מלבּוש. “אַז אַ מת האָט נאָך אַ גוטן
,
טלית, בּײַטן אים די שמשׂים אונטער און
בּאַהאַלטן אים“, קמ, 23 1870, No. ,,מײַן
גאָט, עמעצער האָט מיר אונטערגעבּיטן מײַן
שיינינקן פֿרײַנד: קיין סימן, קיין זכר פֿון
דעם אַמאָליקן...“, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן
II. 2 פֿאַרבּײַטן מיט אַ שלעכטער כּוונה.
.
,,עפּעס אַ געהיימע, בּייזע קאָנספּיראַציע בּײַט
אונטער דאָס קינד בּײַ דער סאַמע געבּורט“,
ש. בּיקל, טמז, 21 1964 II. ,,מע זאָל פֿאַר
בּײַטן די כּלה צום בּאַדעקנס...ווײַטער וועט
אַ ייִד, וויסנדיק אַפֿילו אַז ער ווערט גליקלעך,

אויך ניט אָפּטאָן אַזאַ ,פֿײַנעם שווינדל, ווי
א אַ כלה,,, ייִבל ￼י3 .X, 4. צו בּיסלעך
,
אָדער צײַטנווײַז פֿירן אַ נאַטוראַלן מסחר,
בּײַטן איין פּראָדוקט אויף אַן אַנדערן. פֿאָרן
איבּער די דערפֿער א, זאַלץ און נאַפֿט אויף
תּבֿואה ־עכ￼ן ־עניש. ־ער.
. .
אתטערבּײַטשן — טרוו. בּײַטש אונטער,
~געבּײַטשט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, צו
בּיסלעך שמײַסן מיט אַ בּײַטש. א, די פֿערד.
אויך: ~￼, און￼רטרייַבּן. א, די געזעלן.
ײַטש ען — דז, אָבּער מיט אַ
י
2. צואײַל

בּײַטשל. ־עכץ.
אתטערבּײַכלען — טרוו. ־כל אונטער,
~געבּײַכלט. גראָבּ. מאַכן אַ פֿרוי (געמיינט
ניט די אייגענע ווייַבּ) טראָגעדיק. א, דעם
בּעדערס טאָכטער.
אונטערבּײַלן — טרוו. בּײַל אונטער, ~
געבּײַלט. בּײַלן, אויסבּײַלן פֿון אונטן. א, די

בלעכן. א, די פּיס. א, די זײַטן.

אונטערבינדן

אונטערבייסטן — טרוו. בייסט אונטער,
~געבייסט. 1. דזוו אונטערבײַצן ←. 2. אַמ.
אונטערסטריגעווען. א, די פֿאַלדן.
אוטערבײַסן — טרוו. בײַס אונטער, ~
געביסן. 1. עסן עפּעס בחיפּזון אָדער בשתּיקה.
צובײַסן צווישן די מאָלצײַטן. א, בײַם דאַוונען.
2. בײַסן פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך. די
קאָמאַרן וועלן דאָ א'. 3. אָפּבײַסן עפּעס
פֿון אונטן פֿון אַ זײַט. א אַ פּליטקע
שאָ, ,
קאָלאַד. „מיר האָבן געלאַכט, אַפֿילו
קאָראַלניק אויך, נאָר ער האָט אונטערגעביסן די
נעגל“ [אויך פֿאַרן ב2], בצג, טm., 1964 III
6. 4. יאַדען; טאָן רשעות עמעצן פֿון צײַט
צו צײַט. אונטערשטעלן אַ פּיסל. אויך מיט
ז י ך — קזוו. „אָדער מע קושט זיך, אָדער
מע בײַסט זיך אונטער“, רייד.
אתטערבייצן — טרוו. בייץ אונטער, ~
געבייצט. (סטאָליערײַ) אונטערשמירן מיט בייץ,
מיט שיטערער, ברוינלעכער פֿאַרב (איידער

מע פֿאַרבט מיט דער ריכטיקער פֿאַרב).
אונטערבייקערן — דזוו אונטערבויקערן ←.
אונטערבילן — אוטוו. ביל אונטער, ~
געבילט (עלטערע פֿאָרעם — ~געבולן).
אַרויסגעבן קולות (וועגן אַ הונט) פֿון צײַט צו
צײַט אָדער אין דער שטיל. „דער הונט האָט
אָנגעהויבן צו דרייען...אַלע ווײַלע א'דיק„, אַר,
,דער הונט,. א, אויף די משרתים. אויך מיט
ז י ך — „דער הונט איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון
דאָרף און ער האָט זיך אונטערגעבילט,
דרייענדיק מיטן עק„, י. בריקס, 'אין דאָרף'.
־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.
אונטערבימבלען — טרוו. ־בל אונטער, ~
געבימבלט. ציִען (זינגען) אין דער שטיל אַ ניגון,
אונטערזינגען בים־באָם. א, אַ זמרל.
אונטערבימקען — ־קע אונטער, ~
געבימקעט. פֿרגל ~באַמקען. טרוו —
אונטערזינגען בים־באַם; צוהעלפֿן, אונטערהעלפֿן מיט
בימקען בײַם זינגען, בײַם שפּילן אַ ניגון.
א אַ שטיקל חזניש. אוטוו אַרויסווײַזן
, —
אַז מע שטימט צו, מען איז מסכּים (מיט
אַ בעל־דעה). אַ חונף וואָס בימקעט אונטער.
„א, יענעם [דאַטיוו] זענען דאָ בײַ ייִדן זייער

פֿיל בּעלנים,,, ממוס, ווינטשפֿ ־עכץ.

.

־עניש.

אונטערבּינדן — טרוו. בּינד אונטער, ~
געבּונדן. 1. פֿאַרבּינדן פֿון אונטן.
אונטערהאַלטן דורך פֿאַרבּינדן. א אַ קאָפּטיכל. ,,
און,
טער אַ יום־טובֿ פֿלעגט זי אים
אַנידערשטעלן אויסוויַסן די שטובֿ און א, אים דאָס
בּערדל מיט אַ טיכל,,, ממוס, מסעות. ,,
אונטערן קעלנערל פֿון העמד געפֿעלט אים שוין
אַ שוואַרץ בּענדעלע אונטערצובּינדן", וויַס
I, 'פֿון רבּנים שטובֿ'. ,,קונציק אונטערגעבּונדן
די עקן [פֿון די פֿערד] איידער מע האָט זיי
געטריבּן אויף אַ יריד אָדער אַ מאַרקטאָג,,,
י. טיגער, דער שוואַרצער בּישאָף, לאָנדאָן
תּש"ך. 2. צובּינדן אויף אַ קורצער צײַט.
א, דאָס פֿערד צום סלופּ. ,,מע מוז אָבּער
פֿריִער די נאָפּלשנור אויף צוויי ערטער
א',,, מרפּא לעם, זשיטאָמיר 1874. 3. מחייבֿ
זיַן. א, אויסצופֿילן דעם בּאַשלוס. אויך מיט

אונטערבּיר

ז י ך — זיך מתחייבֿ זײַן. *א, עמעצן די צונג = אָנזאָגן מע זאָל האַלטן בסוד. ־ונג. ־עכ[illegible]ן. ־עניש.

אונטערבּיר — דאָס & דער. מצ נבּ. שלעכט בּיר; בּיר וואָס איז גאָר אונטן אין פֿעסל. „גיבּ אַ גראָשן, וועט מען קויפֿן א', ווערסטו מאַכן הבֿדלה,„ יודישער פּאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

אונטערבּכיהן — [...בּעכיען] אוטוו. בּכיה אונטער, ~געבּכיהט. (מיט בּיטול) וויינען אין דער שטיל, צו בּיסלעך. א, צו ונתנה־תּוקף.

אונטערבּלאָזן — בּלאָז אונטער, ~ געבּלאָזן. אוטוו — 1. בּלאָזן צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. „די זון שײַנט, אָבּער אַ קיל ווינטעלע בּלאָזט אונטער,„ רייד. *נײַע ווינטן בּלאָזן אונטער = עס קומען נײַע שטימונגען, בּאַוועגונגען. *גיין וואו ווינטן בּלאָזן אונטער = מיטן שטראָם, מיטן דעתהקהל. 2. מיטאַמאָל שטאַרק בּלאָזן. „דער יצר־הרע...וואָס בּײַ אַ שטורעם בּלאָזט ער אונטער,„ ממוס, יודל. 3. גראָבּ. אַרויסגעבּן שטילע נפֿיחות. *דער מסחד בּלאָזט אונטער — נאַרט אָפּ פֿאַרפֿירט.

— —

,

טרוו — 1. בלאָזן פֿון אונטן, פֿון אַ
זײַט (געווײנלעך כּדי צו פֿאַרגרעסערן אַ פֿײַער).
„זי כאַפּט [דעם פֿײַערטאָ] פֿון אונטער איר
אַרויס אונטערצובלאָזן די קוילן„, ממוס,
מסעות. „דערנאָך האָט זי גענומען א, מיטן
פֿאַרטעך ס'פֿײַער“, דעמבּלין, ערבֿ נאַכט, ת"א
1954. *א אַ פֿײַער = אויך: אויפֿרודערן,

,

פֿאַרשטאַרקן אַ מחלוקה, העצן צו
פֿאַרשטאַרקטער קריגערײַ, וואָס האָט געהאַלטן בײַם
אײַנשטילן זיך. „אַנדערע האָבן דאָס פֿײַער
אונטערגעבּלאָזן, עס זאָל בּרִיען„, עט, 'דער
פֿעטער פֿון אַמעריקע'. „ער האָט נאָך
אונטערגעבּלאָזן אַז דער פֿײַער זאָל נאָך
גרעסער ווערן„, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה,
ווילנע 1865. „בּשעת דער מהומה געוואָרן
רעדלפֿירער, און זיי האָט געטויגט צום עסק
אונטערצובּלאָזן דעם פֿײַער, די שׂנאה זאָל
וואַקסן„, ממוס, אַ שטאָט אין מזרח'. 2.
בּלאָ,
זן אַ בּיסל אָדער צו בּיסלעך כּדי אָפּצוקילן.
א, די הייסע טיי. א, דאָס זופּקעלע פֿאַרן
קינד. 3. אויפֿבּלאָזן; הייבּן דורך בּלאָזן.
א, די שטיקלעך פּאַפּיר. „דערפֿילט אַ

שטאַרקן ווינט וואָס האָט דעם ים אונטערגעבלאָזן,,,
ראָבינזאָהן II, ווילנע 1880.״דער ווינט בלאָזט
אונטער דעם שניי אין דער לופֿט״, ספֿר שבֿחי
רמ,,ל, לעמבערג [יאָר?]. ־ונג. ־עכ־ן.
־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערבלאָזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. מאַכן אַן אָנשטעל. זיך האַלטן גרויס.
זיך א, ווי אַ נגיד. 2. שפּילן אַ ברוגז.
3. רעפֿל. א, זיך מיטן הוט, מיט אַ פֿעכער.
אונטערבלאַט — דאָס & דער, ־בלעטער.
1. נידעריק בלאַט וואָס איבער דעם איז
אַן אַנדער בלאַט. דאָס גרעסערע
אייבערבלאַט און דאָס קלענערע א'. 2. אונטערשטע
פֿלאַך, זײַט פֿון בלאַט. אַן א, וואָס איז
העלער ווי דאָס אייבערבלאַט. 3. קלענערע
אָוונט־אויסגאַבע פֿון אַ פֿרימאָרגן־צײַטונג.

,,דער נאָמען איז טאַקע אַן אַנדערער, אָבער
ס'איז נאָר אַן א, פֿון אידישע שטימע,,,
רייד (קאָוונע).
אונטערבלאַטעווען — אוטוו. ־טעווע

אונטער, ~געבלאַטעוועט. פֿון צײַט צו צײַט שווינדלען, זיך אויפֿפֿירן ווי אַ בלאַטער יונג. א, בײַ אַ געשעפֿטל.

אונטערבלאָנדז(ש)ען, ־דזיען, ־דען — אוטוו. ־דז(ש)ע (־דזיע, ־דע) אונטער, ~ געבלאָנדז(ש)עט, ־דזיעט, ־דעט. 1. גיין, פֿאָרן אע אַ טייל וועג ריכטיק און אַ טייל ניטריכטיק; צײַטנווײַז פֿ□ך.לירן דעם וועג. 2. אַראָפּגיין אַ ביסל פֿון דרך־הישר, צוזינדיקן אַ ביסל. „עט, ער איז ניט אַזאַ צדיק גמור, ער האָט אויך אונטערגעבלאָנדזשעט אַמאָל„, רייד. 3 פֿיג. א, בײַם פֿאָרשן,

.

בײַם עקספּערימענטירן. ־עניש.

אונטערבלאָנקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~געבלאָנקעט. דזוו דפֿוו. צײַטנווײַז (אַרומ)־וואָגלען, (אַרומ)גיין אָן אַ ציל. „א, מיט דער איינזאַמקייט אונטערן אָרעם איבער די רוישיקע גאַסן“. ־עניש.

אונטערבלאָפֿן — □לאָף אונטער, ~ געבלאָפֿט. אַמ. טרוו — נאַרן צו ביסלעך אָדער צײַטנווײַז. א, עמעצן צוליב פּרנסה. אוטוו — באַרימען זיך ווען־ניט־ווען. זאָגן אַ קאַפּעטשקע ליגן, צופֿאַרבן אַן אמתע מעשׂה.

‟ס'איז ניט אינגאַנצן אַזוי ווי ער פֿאַרציילט,
ער האָט ליב אונטערצובלאָפֿן,,, רייד. ,,זיי האָבן
זיך ביסלעכווײַז אַליין אַרויפֿגעאַרבעט, און
בלאָפֿן אונטער ביודעים ובֿלא יודעים,,, שע, דער
מיסטייק [סאָוו, היימלאַנד, 3 l961, No]. ,,די
אויסגעפּרעגטע מענער...האָבן אַ ביסל
אונטערגעבלאָפֿט,,, פֿאָר, 7 1962l II. ־עכ ן.
־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערבלויעכץ — דאָס, ־ן. פֿאַרבל
אונטערצובלויען די אויגן, צו באַשמירן די
ווִיעס. דאָס א, פֿון האַנטטאַש.
אונטערבלויען — טרוו. בלוי אונטער, ~
געבלויט. 1. צוגעבן אַ ביסל בלוי(עכץ). א,
די וועש. 2. אַרומפֿירן מיט בלויער פֿאַרב
פֿון אונטן. א, די אויגן.
אונטערבלוקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געבלוקעט. I][ai[y.(,ni: > ־ אוקר.
אונטערבלאָנדזשען, אונטערבלאָנקען. א, ווי אַ
פֿאַרנאַרטער.
אונטערבליאַטעווען — טרוו. ־טעווע
אונטער, ~געבליאַטעוועט. פֿרגל ~בלאַטעווען.
וואוילִיונגעריש. כלומרשט באַשטעטיקן
צײַטנווײַז עמעצנס ווערטער. א, דעם לערערס רייד.
אונטערבליאַסקען — אוטוו. ־קע אונטער,

~געבליאַסקעט. 1. גלאַנצן צו ביסלעך אָדער
ציַיטנוויַיז. א, מיט די אויגן. 2. זיך
אויסטיילן מיט עפּעס. א, מיט חכמהלעך. ־עניש.
~בליאקירט. פּפּ: ~בליאַק͏װען. צו
אונטערבליאַקירן — טרוו. ־ יר אונטער,

-

ביסלעך מאַכן פאַרלירן די פאַרב. „יאָרן
האָבן אונטערבליאַקירט די פרישע פאַרב פון
פּנים„, רייד. ־ונג — א, פון דער זון.

אונטערבעזעמען

אונטערבלי'בענע(ר) — אַדי און סוב.
דטשמ. נר. וואָס אָדער ווער עס בלײַבט
איבער נאָכן טויט. די א'ע קינדער. „פון
דעם וויינען, רבי לעב, וואָס מיַינע א'ע
וויינען וועט מיר גאָרנישט אַרויסקומען...זיי
בליַיבן אויף דער לעכטיגער וועלט„, ליב
פּימסענשטיין, די צוואָה, לעמבערג 1894.

אונטערבֿלײַבֿן — אוטוו. בלײַבֿ אונטער,
~געבֿליבֿן. 1. בֿלײַבֿן אויף אַ (קורצער)
צײַט אויפֿן זעלבֿיקן אָרט. א, אויפֿן אַלטן
אָרט. „איר גייט, און איכ'ל דאָ א'", רייד.
2. זיך אָפּשטעלן מיט אַ לעצטן פֿאַרמעג.
א, מיט חובֿות, אָבֿער מיט אַ גוטן נאָמען.
3. בֿלײַבֿן הינטערשטעליק. „לערער, משהלע
איז אונטערגעבֿליבֿן, לאָמיר וואַרטן אויף
אים", רייד. 4. בײַם שפּילן קאָרטן געבֿן
אַ נידעריקערע קאָרט (הגם מע קען שלאָגן
מיט אַ העכערער). האָבֿן אַ טויז און א,
מיט אַ נײַנטל ־עכ□ן. ־עניש ־ער.

. .

אונטערבֿלייכן — טרוו. בֿלייך אונטער,
~געבֿלייכט. מאַכן אַ ביסל בֿלייכער. א,
אַ שרײַאיקן קאָליר.
אונטערבֿלימלען — טרוו. ־מל אונטער,
~געבֿלימלט. אונטערנייען, אונטערשטריקן מיט
בֿלימעלעך. א, אַ העמדל.
אונטערבֿלינצלען — אוטוו. ־צל אונטער,
~געבֿלינצלט. אויך: ~בֿלינצן. פֿון צײַט
צו צײַט אַ בֿליאַסקע טאָן, אַ שײַן טאָן. א,
מיט די אויגן. „די ווײַטע שטערן בֿלינצלען
אונטער". ־עניש.

אונטערבּליצן — אוטוו. בּליץ אונטער, ~
געבּליצט. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבּן בּליצן.
עס בּליצט אונטער אין דעם הייסן
זומערדיקן אָוונט. פֿיג. א, מיט אַ פֿרישן געדאַנק.
־עניש.
אונטערבּלעזלען — אָטוו. ־זל אונטער,
~געבּלעזלט. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבּן
בּלעזלעך; אָנהייבּן בּלעזלען. „דאָס וואַסער
בּלעזלט שוין אונטער. בּאַלד וועלן מיר
האָבּן טיי„, רייד.
אונטערבּלעקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געבּלעקעט. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבּן
קלאַנגען בּלע־בּלע (ווי אָדער פֿון שעפּסן).
א, ווי שעפּסעלעך. ־עכ□ן. ־עניש.
אדנטערבּלע□ בּ□
ונר — אוטוו ־ערץ
צן .
טער, ~געבּ עקערצט. פּפֿ, פּד: ~
עקעכצן. 1. פֿון צײַט צו צײַט בּלעקערצן,
שרײַען, גוואַלדעוועו. א, ווי אַ שיכּורער
פּויער. 2. אונטערהעלפֿן בּײַם זינגען. פּעיאָ.
א, בּײַם מאָדליען זיך.
אונטערבּעבּען — טרוו. ־בּע אונטער, ~
געבּעבּעט. (מיט בּיטול) וועך־ניט־וועך

אַרויסזאָגן עפּעס אומקלאָר, אַרויסזאָגן אַ צושטימונג. מיט מאַטערניש, מיט אַ האַלבֿ מויל. „ער דערלאַנגט לשון און מײַן שוטה בעבעט אים נאָר אונטער„, רייד. ־עכץ. ־עניש.
אונטערבֿעזעמען — טרוו. ־זעם אונטער, ~געבֿעזעמט. 1. אויף דער גיך קערן מיט אַ בֿעזעם. א, די פּאָדלאָגע. 2. אַ ביסל אויסקלאַפּן מיט אַ בֿעזעם בײַם פּאַרען זיך אין

אונטערבֿעט

מרחץ. א, אַ נגידישע פּלייצע. אויך מיט ז י ך — רעפֿל. 3. צײַטנווײַז אויסמוסרן, קריטיקירן. א, די גראַפֿאָמאַנען. מיט ז י ך — סאָוו. „אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען געהייסן זיך א'„..
אונטערבֿעט — דאָס (די), ־ן. 1. פֿעדעראָנשיט וואָס מע לייגט אונטער אין בֿעט צו שלאָפֿן; אונטערשטע פּערענע. „איך האָבֿ [פֿאַר] זיי ביידע שוין אָנגעפֿליקט פֿעדערן און פּוך אויף אַן א, און אַן איבֿערבֿעט“, ארז, קמ, 50 1870 ,No. אויפֿן שטרויזאַק איז געלעגן אַן א'. 2. יעדער מין אונטערגעשפּרייטער מאַטעריאַל וואָס מע לייגט

אונטערן לײַלעך. אַן א, פֿון שמאַטעס. „פֿון [דעם קעמלס] האָר מאַכט מען צײַג און א־ן“, א. ג, דער פּראָצעס..., וואַרשע 1885.

3. דאָס וואָס מע לייגט אונטער (עס זאָל זײַן ווייכער, עס זאָל זיך בולטער אַרויסזען און צוליב אַנדערע סיבות). אַן א, פֿאַרן מלך בײַם סדר. „דאָס בלאַט פֿון דעם טיש אָדער דאָס א, אויפֿן טיש [צום איבערוויקלען דאָס זויגקינד] דאַרף זײַן איבערגעצויגן מיט אַ צעראַטע“ פֿגעז, ווילנע 4 1925, No. „איז מען געלאָפֿן...אָנקוקן דעם מאָדנעם אינסטרומענט, די בלעטלעך אויסגעלייגט אויף אַ שטרויענעם א'“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940. „אין בלעטערוואַלד ווערט אין האַרבסט דער באָדן באַדעקט מיט די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער. דאָס איז דאָס ו ו אַ ל דא, וואָס פֿוילט ביסלעכווײַז„, א. גאָלאָמב איבז, ג. באָטש, געוויקסן.

4. דאָס אונטערשטע בעט פֿון אַ צווילינגבעט וואָס איינס איז איבערן אַנדערן (היפּוך פֿון אייבערבעט). „דער טאַטע האָט גענומען די א, און איך די אייבערבעט„, רייד.

5. (שנײַדעריש) יעדער מין אַרטיקל וואָס

קומט אַרײַן אין אונטערשלאַק, ווי וואַטע, פֿערדנהאָר אאַ. 6. פֿיג. יסוד, פֿוגדאַמענט. „אַ רעאַליזם וואָס איז נישט מער ווי אַן א, פֿאַר סימבאָליש־מיסטישע אַרויסשפּראָצונגען“, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

אונטערבּעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערבּעטן. דאָס וואָס מע בּעט אונטער. „די ווערק פֿון דעם מענטשן זאַנען גאָר שלעכט, ער זיצט צווישן פֿאַלשקייט, זײַן א, איז ווערעם“ [,רפֿידתו רמה'. דז אין מחזור, פּפֿדמ 1885: „זײַן א, איז פֿאַלשקייט“], מחזור לימים נוראים, סלאַוויטע 1832, קלג/א. „די שעפּסן האָבּן זייער שיינעם וואָל געבּראַכט, צו א', שטאָט ווייכע מאַטראַצן“, לעווין אַבֿרהם ליאָנדאָר, נײַער קינסטלעכער בּש, ווילנע 1844.

אונטערבּעטל — דאָס, ־עך. פּקפּ פֿון אונטערבּעט. ספּעצ דאָס וואָס ווערט אַרײַנגעלייגט אין שיך. „זייער צוועקמעסיק איז אַרײַנלייגן אין די שיך אַזוינע א'עך וועלכע זאָלן קענען אָפּט געבּיטן ווערן“, פֿגעז, ווילנע .No '1925 4

אונטערבּעטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~געבּעטלט. 1. צײַטנווײַז בּעטלען, קלײַבּן

נדבֿות. קלאַפּן אין פּושקע און א, נדבֿות.

694

,,אַ ביסל האָט ער געאַרבעט און אַ ביסל
האָט ער אונטערגעבעטלט,,, רייד. 2. פֿון
צײַט צו צײַט שטאַרק בעטן און דערבײַ זיו
דערנידעריקן. א, אַ טובֿהלע פֿון גבֿיר.
אונטערבעטן — טרוו. בעט אונטער, ~
געבעט. 1. אונטערלייגן ווייכס אָדער
עלאַסטישס בײַם מאַכן אַ געלעגער באַקוועמער צו
שלאָפֿן (צו ליגן). ,,אַ גרויסע ראָגאָזשע אַז
זי איז געמאַכט געוואָרן צו א'...איז נישט
ראוי צו סכך“, משניות כבֿ [!] ונקי, לעמבערג
1872. מיט ז י ך — פֿאַר זיך. א□ זיך אַ

פּערענע. אורח פֿאַרטײַטשט 'יציע, (ישעיה,
נח, 5): ,,בעט ער זיך אונטער,,. ,,לײַלעכער
אָדער קאָצן וואָס מע האַלט זיי צום א, אָדער
אויף צום צודעקן — זענען זיי פּטור פֿון
ציצית“, ספֿר מקור הברכה, מונקאַטש תּרנ,,ה.
,,האָב איך אויסגעטאָן מײַנע קליידער און
איך האָב אונטערגעבעט אונטער זיך כּדי
אַנטשלאָפֿן צו ווערן,,, ראָם איבז, דער

איינגילשער גענעראַל, וואַרשע תּרמ„ד. „און פֿאַלט
צו דער אָוונט אין מורא, און וואַנדערן
ווײַטער איז שפּעט, — דאַן וואָלט איך מײַן
דאָק אויסגעצויגן, די קינדער אים
אונטערגעבעט“, אַר, ,איך בּין זיי מקנא'. .2
אונטערלייגן עפּעס עס זאָל זײַן ווייכער צום
זיצן. א, מיט אַ קישן אַ הסבֿ־בעט. .3 דזוו
אויסבעטן II, בּב 5־7. א, אַ קאַנאַפּע, אַ
פֿאָטערשטול. א, אַ וואַטוווקע. א, שסיוול. „דאָ
בעט איך אונטער, דאָרט פֿאַרפּרעס איך,
אויף איין אָרט נעם איך אַרײַן, אויף אַן
אַנדער לאָז איך אַרויס„, י. עלבּערג, איק,
ד„ח תּשכ„ב.
אונטערבעטעכץ — דאָס, ־ן. .1
פּראָצעס פֿון אונטערבעטן אָדער דאָס וואָס מע
בּעט אונטער. האָט אויך איר בּײַטעם. אַן
א, פֿון שמאַטעס. „וויפֿל א, מע בּאַדאַרף
געבּן טעגלעך פֿאַר יעדע בּהמה...„, מ. וועבער,
דער יודישער פֿעלדאַרבּײַטער, וואַרשע 1891.
.2 דאָס וואָס ווערט אונטערגעלייגט אויף
דער אַנדערער (לינקער) זײַט. „איך האָב ניט
קיין שפּיגל און צוויי יאָר, איך ראַזיר זיך
איבּער אַ שטיקל גלאָז מיט שוואַרצן א',„,
ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע,

אַדעס 1932. 3. דזוו אונטערבעט, בּ6. „דער
היפּוך פֿון פּסיכאָלאָגישער גריבּלערײַ און
אַנאַליטיש א'„, בּאַש פֿאָר, 1962 l4 X.

,

־עניש.

אונטערבּעטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע
אונטער, ~געבּעטשעט. 1. אונטערשטאַמלען,
זאָגן און ניט דערזאָגן. א, דעם ענטפֿער.
2. פֿון צײַט צו צײַט וויינען בּײַם בּעטן
עפּעס. א, ווי אַ פֿאַרצויגן קינד. ־עניש.

אונטערבּעל־הבּתעווען — [...
בּאַלעבּאַטעווען] אוטוו. ־תּעווע אונטער, ~געבּעל־
הבּתּעוועט. זיך פֿירן מעשׂה בּעל־הבּית, צײַטנווײַז
אָדער צו בּיסלעך. א, אויך אין דער פֿרעמד.
פֿרגל ~בּאָסעווען.

אונטערבּעל־מלאָכה — [...בּאַלמעלאָכע]
דער, ־בות. געהילף פֿון בּעל־מלאָכה.
אַרויסהעלפֿער, לערנייִנגל וואָס טוט כלערליי
מינערע אַרבּעטן. „דער קאַפּיטאַליסט דאַרף דאָ

אונטערבּערשטלען

נישט אויסגעבּן קיין געלט...אויף
אויסצוהאַלטן בּעלי־מלאָכות און א'כות„, וואָס ווילן די

סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד7, זשענעוו
.18▯9

אונטער, ~(גע)בעל־מלאָכהוועט. 1.
צײַטנאונטערבעל־מלאָכהוועןאוטוו — ־ווע
.

ווײַז טאָן עפּעס אַ מלאָכה. ,,ער טרײַבט פליטן
און בעל־מלאָכהוועט אונטער בײַ וואָליקעס,,,
רייד (אַניקשט, ליטע). 2. איר. בריהן זיך,
טאָן צײַטנווײַז ווי אַ בעל־מלאָכה. א, מיט
צוויי לינקע הענט.
אונטערבעלעמעטשען — טרוו. ־טשע
אונטער, ~(גע)בעלעמעטשעט. אויך: ~
באַלעמעטשען. ריידן אומקלאָר, אומווילִיק;
זאָגן און פֿאַרהאַקן זיך. א אַ פֿוילן תּירוץ.
,
אונטערבעלפֿער — ← אונטערבאַהעלפֿער.
,,דער מלמד טרײַבט אָן אַ פֿולע שטוב מיט
קינדער...דערצו מוז ער האַלטן אייבער־ און
א'ס,,, ארז, קמ, 32 1865, No. ,,עס פֿליט אַ
שטיין אין דער לופֿט, לענקט אים
ביסמאַרקס א, אין שולפֿענצטער אַרײַן,,, פּרץ.
אונטערבענטשן — טרוו. בענטש אונטער,

~געבענטשט. צײַטנוויַיז בענטשן.
געוויינטלעך איר. זידלען, שעלטן. א, די קונים ווי
אַ מאַרק־ייִדענע. א, די בייזע שוויגער. אויך:
אָפּנאַרן, געבן קלעפּ.
אונטערבענק(ע)ל(ע) — דאָס, ־עך.
פֿוסבענקל. נידעריק בענקעלע בײַ אַ שטול
אַרויפֿצושטעלן די פֿיס בײַם זיצן.
אונטערבענקען — אוטוו. בענק אונטער,
~געבענקט. צײַטנוויַיז בענקען. א, אַהיים.
א, נאָך ווײַב און קינדער. ־עניש.
אונטערבעסערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געבעסערט. (שנײַדעריש) אויסבעסערן
פֿאַר,
בעסערן דורך אונטערלייגן עפּעס. א, די
פּלייצעס מיט נאָך אַ ביסל וואַטע.
אונטערבעסערן זיך — אוטוו. ← דפֿו □.
1. ווערן בהדרגה געזינטער. 2. ווערן בהדרגה
אַ ביסל בעסער. א, זיך אין די לימודים.
א, זיך בײַ דער אַרבעט. 3. ווײַזן אויף אַ
ביסל אַ גרעסער גערעטעניש. די תּבֿואה
בעסערט זיך אונטער.
אונטערבעקן — דער, ־ס. בעקן וואָס
געפֿינט זיך אונטן, אונטער עפּעס. דער א,
אין וואַשטיש. דער א, פֿון אונטערן בעט.

אויך דזוו נאַכטטעפּל, נאָר איידעלער.

אונטערבּעקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געבּעקעט. 1. אַרויסבּרענגען פֿון צײַט צו צײַט די קלאַנגען בּע־בּע. ס'קעלבּל בּעקעט אונטער. 2. אויך טרוו. בּמקום־ווערבּ פֿאַר פֿאַרשיידענע מינים שלעכטן זאָגן: צו בּיסלעך אויסזאָגן אַ סוד, אונטערזאָגן אַ רכילותל, צושטימען צו עמעצנס נאַרישע אָדער פֿאַלשע רייד אע. א, דעם קנאַקער [דאַטיוו]. ־עכ ן. —עניש.

אונטערבּערשטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~געבּערשטלט. אונטערבּאַרשטן (←) מיט אַ בּערשטל. בּערשטלען אויף דער גיך, צײַטנווײַז. א, די האָר, די וואָנצעס.

אונטערבּראָדזשען

אונטערבּראָדזשען, ־בּראָדז(י)ען — אוטוו. ־דזשע, ־דז(י)ע אונטער, ~געבּראָוזשעט, ~געבּראָדז(י)עט. 1. צײַטנווײַז זינקען מיט די פֿיס אין וואַסער, בּלאָטע אע. א, אין וואַסער. 2. פֿון צײַט צו צײַט וואַנדערן אָן אַ ציל, אַרומוואָגלען. א, איבּער דער וועלט. ־עניש.

אונטערבּראַזגען — אוטוו. ־גע אונטער, ~געבּראַזגעט. פֿון צײַט צו צײַט געבּן אַ בּראַזג, אַ הילכיקן קלאַפּ. די קייטן בּראַזגען אונטער. אויך טרוו, וואוויליונגעריש. אונטערקלאַפּן, אונטערשלאָגן. א, די זײַטן. ־עכץ. ־עניש.

אונטערבּראָטן — טרוו. בּראָט אונטער, ~געבּראָטן. בּראָטן אויף דער גיך, האַלטן נאָך אַ בּיסל בּײַ אַ פֿײַער. בּראָטן דעם אונטערשטן טייל. א, אַן עוף. א, די קאַטשקע נאָך אַ ווײַלע. *א, (די, מײַנע...) טריט = רודפֿן עמעצן.

אונטערבּראָ'כן — אַדי. דטשמ. נר. 1. איבּערגעריסן. וואָס קומט מיט אַ הפֿסקה, וואָס איז ניט דורכאַנאַנד, ניט כּסדר. א'ענע אַרבּעט. א'ענע פֿאַרהאַנדלונגען. „...האָט...א, זײַן אַרבּעט", מע⌷tה פֿון אַ קלוגן גנבֿ, לעמבּערג 1913. 2. אַנשטאָט או'נטערגעבּראָכן. "...

וועלן א, ווערן אַלע אויפֿשטייער„, ירמי, יו⌷ף יאַקאָבּזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.

אונטערבּראַנדעווען — טרוו. ־דעווע אונטער, ~געבּראַנדעוועט. אויסשטעמפּלען מיט צעגליטן אײַזן אַ סימן אויף אַ הינטערחלק פֿון פֿערד, בּהמות. א, דעם אָגער.

אונטערבּראָנעווען — טרוו. ־נעווע אונטער, ~געבּראָנעוועט. אַ בּיסל אָדער נאָכאַמאָל דורכגיין מיט דער בּאָראָנע איבּערן צעאַקערטן פֿעלד. א, דאָס פֿעלד פֿאַרן זייען.

אונטערבּראָקן — טרוו. בּראָק אונטער, ~געבּראָקט. צײַטנווײַז צוּוואַרפֿן, אונטערוואַרפֿן געבּראָקטס, בּרעקלעך, צעשניטענע שטיקלעך אין עפּעס (וואָס האַלט אין קאָכן). א, די יויך מיט מצה־פֿאַרפֿעלעך, געטריקנטע שוועמלעך אאַזוו. פֿיג. א, ליגנס. ־עכץ. ־עניש.

אונטערבּרוגזן זיך — [...בּרויגעזן] אוטוו. בּרוגז זיך אונטער, זיך ~געבּרוגזט. ווערן בּרוגז אַ בּיסל, צײַטנווײַז. א, זיך מיט די שכנות. א, זיך ווי אַ דאָרפֿישע כּלה.

אונטערבּרודיקן — טרוו. ־דיק אונטער, ~געבּרודיקט. מאַכן עפּעס אָדער עמעצן (אַ בּיסל) שמוציק. מאַכן בּרודיק פֿון אונטן. אויפֿהייבּן אַ שטויבּ און א, וועש וואָס מע טריקנט אויף דער זון. א, עמעצנס נאָמען. אויך מיט ז י ך.

אונטערבּרוינען — טרוו. בּרוין אונטער, ~געבּרוינט. מאַכן (אַ בּיסל) בּרוין, בּרוינלעך. פֿאַרענדיקן מאַכן בּרוין. לאָזן נאָך א,

דאָס געבעקס, איידער מע נעמט עס אַרויס
פֿון אויוון.
אונטערבּרוינען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
זײַן אויף דער זון צו באַקומען אַ בּרוינלעכן
קאָליר פֿון פּנים (גוף).

6 5

אונטערבּרומ(בּ)לען — טרוו. ־(בּ)ל
אונטער, ~געבּרומ(בּ)לט. אונטערזינגען
בּרומענדיק אַ בּיסל. "איך האָב מיר אונטערגעבּרומלט
אַ תּשעה־באָבֿדיק ניגונדל„, ממוס פֿישקע.

,

—עכ ן. ־עניש.
אונטערבּרומען — טרוו. בּרום אונטער,
~געבּרומט. 1. אונטערזינגען עפּעס מיט אַ
טיף, נידעריק קול. „ער האָט אַרײַנגעקוקט
אין עפּעס אַ פֿערטלדיקן ספֿר ווי אַ מחזורל
און אונטערגעבּרומט מיט אַן אַקדמות־
ניגונדל„, ממוס, מסעות. "ר, דודל טאַלנער הייבּט
אָן, ווי זײַן שטייגער פֿלעגט זײַן,
שטילערהייט אונטערצובּרומען אַ ניגון„, פּרץ,
חסידיש. „דער שטעטלשער חזן האָט שוין
צוזאַמענגעלייגט דעם טלית און האָט

אונטערגעבּרומט מיט אַ ניגון דעם 'יום'“, אַר, , פֿאַרלאָרן דעם קול'.

2. עפּעס זאָגן שטילערהייט, מיט אַ טיף נידעריק קול, אַזוי ווי אַ צוגאָכ צו עפּעס אָדער פֿאַרבײַגייענדיק. א, אַז מען איז ניט מסכּים. א, אונטער דער נאָז. א, ווי אַ בּער. ,,דער טאַטע גיט נאָך צו מיט אַ שטיל א': ייִדן גייען פֿון מצרים סײַ אין חלום, סײַ אין וואָר“, הל.

3. שטילערהייט האָבּן טענות. ,,די פֿרומע לײַט פֿון דער שטאָט האָבּן נישט ווייניק אונטערגעבּרומט“ [אויף אי], שזר, טמז, 1964 3. ־עכ ן. ־עניש. ־ער —

,,איך בּין ניט קיין זינגער, בּלויז אַן א',,, רייד. ־ערײַ.

מיט ז י ך — ,,די שטילע אומצופֿרידנהייט, דאָס פֿרומע א, זיך אין בּאָרד אַרײַן,,, וואָס ווילן די סאָציאַלדעמאַקראַטן אין רוסלאַנד7, זשענעוו 1899. ,,האָט זיך אונטערגעבּרומט אַ 'יום, תּהילים“, מ. דלוזשנאָווסקי פֿאָר,

,

.IX 19 19

אונטערבּרומקען — טרוו. ־קע אונטער,

~געבּרומקעט. דזוו דפֿוו, נאָר מיט בּיטול
אָדער מיט אַן אָנווײַז אַז מע האָט
אונטערגעבּרומט שטיל, אומקלאָר. „און דאָס
איבּעריקע וואָס ער האָט דאָרטן
אונטערגעבּרומקעט ווייסט מען ניט“, שע, יאָסעלע
סאָלאָוויי.
־עניש.
אונטערבּרוסט — די. מצ נבּ. נידעריקער
טייל פֿון בּרוסט. עפּעס אַ געשוויר אויף
דער א..
אונטערבּרוקירן — טרוו. ־קיר אונטער,
~(גע)בּרוקירט. טיילווײַז אָדער צײַטנווײַז
בּרוקירן. אונטערלייגן בּרוקירשטיינער. א, די
גאַס.
אונטערבּרוקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געבּרוקעט. דזוו אונטערמרוקען ←.
אונטערבּריהן זיך — [...בּעריען] אוטוו.
בּריה זיך אונטער, זיך ~געבּריהט. זיך
אַרויסווײַזן מיט בּריותדיקע גענג בּײַם
אָנהייבּ אָדער בּײַם סוף פֿון אַן אַרבּעט.
צײַטנווײַז זיך אַ בּריה טאָן. א, זיו ווען די געסט
דאַרפֿן שוין קומען.
אונטערבּריזגען — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
־גע אונטער, ~געבּריזגעט. אַ בּיסל

גען (וועגן אַ שיטער רעגנדל). קום אַהיים,
עס בריזגעט שוין אונטער. ־עניש. ־ערײַ.
אונטערברײַען — טרוו. ברײַ אונטער, ~
געברײַט [אַרויסגערעדט אויך: ברײַע, געברײַעט].
1 פֿאַרנעמען זיך אַ ביסל (ניט ווי מיט
.
קיין באַשטענדיקער באַשעפֿטיקונג) מיט ברײַען.
א, ביר. 2. אַרײַנמישן זיך אין אַ שמועס,
פּלאַפּלען (און דערבײַ זאָגן ליגנס). א, ליגנס.
־עכן. ־עניש.
אונטערברילן — טרוו. בריל אונטער, ~
געברילט. ניט שטאַרק אָדער פֿון צײַט צו
צײַט ברילן, אַרויסגעבן קלאַנגען (פֿון) ווי
אַ לייב. א, פֿון שטאַרקן ווייטיק ־עכן.
.
־עניש.
אונטערברילנדיק — אַדי. וואָס איז
אונטער ברילן. „מיט די קורצזיכטיקע א'ע אויגן
גיך, גיך געפּינטלט“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון
אַלקער, מאָסקווע 1927.

אונטערבּריסקען — ־קע אונטער, ~
גערבּריסקעט. סל. □ [a'r□נ□ □ נ□e□ נ□ [non: □ □.
□ [Baז□ [□ [e□][□ [nOn: □ .. טרוו —
אונטערשפּריצן. א, וואַסער. אוטוו — (וועגן פֿערד) אַ בּיסל
אַרויסשפּריצן וואַסער פֿון מויל (בּײַם
טרינקען) פֿערד טרינקען וואַסער און בּריסקען
.
אונטער.
אונטערבּר□ען — טרוו. בּרי אונטער, ~
געבּריט. 1. קאָכן מילך אויף דער גיך. א,
אַ בּיסל מילך. 2. בּאַגיסן מיט זודיק
וואַסער (אַ בּיסל, צײַטנווײַז). א, און גוט
רייני□ די טעפּלעך. א, די הילצערנע ראַם פֿון
גע עגער און אויסבּריִען די וואַנצן. 3.
אַרײַנבּרענגען אין צאָרן. דאָס שטעכווערטל האָט
אים ממש אונטערגעבּריט. ־עכץ. ־עניש.
אונטערבּריקען — ־קע אונטער, ~
געבּריקעט. פּפֿ: ~בּריקעווען. אוטוו —
אונטערשפּרינגען און אַ דריגע טאָן מיט אַ פֿוס.
דאָס קעלבּל בּריקעט אונטער. טרוו — פֿון
צײַט צו צײַט קאָפּען, שטויסן מיט אַ פֿוס.
דער אָגער קען אײַך א,. מיט ז י ך — קזוו.

אויך פֿיג. זיך בונטעווען, זיך שטעלן אַקעגן.
יונגע בּריקען זיך אונטער אַקעגן עלטערע.
אונטערבּרעך — דער, ־ן. נר. אַקט פֿון
אונטערבּרע'כן ←. הפֿסקה, פּאַוזע.
איבעררײַס. ,,טאָג צו טאָג שטראָמט אַ געשפּרעך,
אין די נעכט זיי בּאַרעדן זײַנע טאַטן אָן
א',,, בּ. צ. יפֿה[איבּז, תּהלים I, נ,,י 1943.
־ונג — די א, פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען.
,,די בּערג ציִען זיו מיט קאַרגע א'ען דורך...,,,
מר, נ,,י 1910. ,,צוריק אַוועקגעזעצט אויף
זײַן חזנישן 'כסא כּבֿוד, וועלכן ער האָט
שוין אָן א, בּאַצירט בּיז צום סוף פֿון זײַן
לעבן,,, ש. וויגאָדאַ, פּאָר, 1964 □ 3.
או'נטערבּרעכן — טרוו. בּרעך אונטער, ~
געבּראָכן. 1. (צע)בּרעכן, (צע)שפּאַלטן פֿון
אונטן. איך וועל דיר א, די פֿיס! א, אַ בּוים.
*א, די בּ י י נ ע ר, ד י ז ײַ ט ן = שטאַרק
צעשלאָגן. *א, די פֿ ל י ג ל(ען) =אָפּנעמען דעם
מוט. 2. אָפּשוואַכן, צעשטערן;
אַרונטעררײַסן. א, די כּוחות. א, די אונטערנעמונג, דעם
גאַנצן פּראָיעקט. אוטוו — צײַטנווײַז אָדער

או'נטערבּרעכן זיך

אַ ביסל ברעכן, ווײ טאָן. ,,די ביינער נעמען א, ווי נאָר עס קומט אַ רעגנדיקער טאָג,,, רייד. 3. דזוו (צע)ברעכן. ,,לאָזן זיי א, די קעפּ וואו זיי זײַנען! איך וויל זיי גאָרניט קענען,,, יעקבֿ מאיר ליפּשיץ, אַ וואָלוועלער ביסין, ווילנע 1892. ־ונג. ־עניש. ־ער. ־עריש.

או'נטערברעכן זיך — אוטוו. ← דפּוו.

1. אַזוי ווי, כּמו געבראָכן (צעבראָכן) ווערן. *די ה ע נ ט ברעכן זיך אונטער = מע פאַרלירט דעם מוט (די כּוחות) עפּעס צו טאָן. *די פּ י ס ברעכן זיך אונטער = א) מע בלײַבט אָן כּוחות, מע קען זיך ניט באַוועגן; ב) מע וואַקלט זיך אין אויפֿרעגונג, מע פֿאַלט ממש. ,,דאָ האָט ער דערזען זאָ איין סצענע, דאָס די פּיס האָבן זיך אים שיִער אונטערגעבראָכן,,, צ. ז. רובינשטיין, דער שרעקלעכער קנס־מאָל, אַדעס 1883. ,, הערנדיק דעם נאָמען...האָט זי געפּילט ווי אירע פּיס האָבן זיו בײַ איר אונטערגעבראָכן,,, ג. ח. לעוונער, דער צווייענדיגער תּנאיס, ווילנע 1897. ,,זי האָט פֿאַרבראָכן די הענט...די פּיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן און זי איז דעם פֿאָטער געפֿאַלן צו די קני,,, פּרץ

פֿאָלקס,
טימלעכע געשיכטן. *דאָס ה אַ ר ץ בּרעכט
זיך אונטער = מע ווערט דורכגענומען פֿון
אַ שטאַרק געפֿיל (רחמנות, מיטלײַד). „בײַ
פּענעקן בּרעכט זיך אונטער דאָס האַרץ, און
אַליין ווייסט ער ניט אויף וועמען ער האָט
דאָס אַזאַ רחמנות“, בּערג, בּײַם דניעפּער II.
2. געבּראָכן ווערן ממש; זיך צעבּרעכן,
זיך צעשפּאַלטן פֿון אונטן. „די וואַנט וועט
זיך א, און וועט פֿאַלן אויף די אַרבּעטער„,
רייד. 3. קריגן אַ בּראָך (אַ קילע). „פֿון
שווערער משׂא קען מען זיך לײַכט א'„.
4. בּאַגערן זיך צו פּאָרן (וועגן בּהמות).
„עס קומט פֿרילינג און די בּהמות בּרעכן
זיך אונטער„.
אונטערבּרע'כן — טרוו. אונטערבּרע'ך,
~בּראָכן. 1. דטשמ. נר. איבּעררײַסן. מאַכן
אַ הפֿסקה. שטערן. פּלוצעם אויפֿהערן (
רעדן, שפּילן, זיך פֿאַרנעמען מיט אַן אַרבּעט).
„הער איך ווי די מוזיקאַנטן א, דאָס
שפּילן, קמ, 1868 36, No. “דאָ האָט אים דער
רעפּאָרטעד געמוזט א„, ש , בּלאָנדזענדע
שטערן II. „דאָס איז דאָך געווען אַ
וועלטבּאַוועגונג! — האָט...אים אונטערגעבּראָכן„,

אָפּאַ, פּוילישע וועלדער [אַ פּרווו צו
פֿאַרייִדישן דאָס דטשמ וואָרט. נ]. 2. אַרכ.
אָפּשטעלן; ניט דערלאָזן מער. „ווײַלין...דיא
סרוויר [פּרעסן אויס געלט פֿון די וואָס
קומען אויף דער חתונה]...זולכשׂ צו אונטר
ברעכין איזט פֿר ניטג, 'פּראָגער תּקנות
קעגן לוקסוס', 1767 [ייִבל I, ז, 44].
אונטערברענג — דער, ־ען. אַקט פֿון
אונטערברענגען. ליקווידירונג, אָפּשאַפֿונג אע.
אָנהייב פֿון א.. ־ונג.
אונטערברענגען — טרוו. ברענג אונטער,
~געבראַכט [לד, אָפּט ליטרש], ~געברענגט
[פּ]. 1. אומברענגען. צעשטערן. אָפּשאַפֿן,
ליקווידירן. מאַכן עס זאָל ניט זײַן. תּי

טײַטשט 'תּאַבד דבֿרי כזבֿ, (תּהליס, ה, 7):
„ברענגסט אונטער די וואָס זאָגן ליגן" און
'ותקות אנוש האבֿדתּ, (איובֿ, יד, 19): „אַווי
ברענגסטו אונטער די האָפֿענונג פֿון דעם
מענטשן". „קודם־כּל, שרײַבסטו, דאַרף מען
די לוינקעטניקעס אונטערברענגען,,, פּרץ, ,

וועבּער־ליבּע'. ,,דאַנקען דעם דײַטשן גײַסט...פֿאַר
האָבּן אומגעבּראַכט אויף אייבּיק דעם...
ייִדישן אומגײַסט און האַס“, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן.

2. אונטערשלאָגן. אָפּשוואַכן, וויײניקער
מאַכן. קאַליע מאַכן. א, אַ ווילדע מאָדע. פּיעט
פֿאַרטײַטשט 'וקפּחתּי את פּרנסתי, (קדושין,
ד, יד): ,,איך האָבּ אונטערגעבּראַכט מײַן
פּרנסה,,. ,,דער אידעאַל אונטערצובּרענגען דאָס
פֿאַרבּרעכן אַליין“, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען.

3. צוטראָגן, צובּרענגען. דערלאַנגען: ▯
▯ ▯I]ec.r▯]▯ ,ni .▯]ec'r▯ 1▯ .no: ▯ . א, די זעג,
דאָס געצײַג. א, רכילותן. 4. בּרענגען,
פֿירן. בּאַזאָרגן. א, אורחים צו זיך אין שטוב.
א, די קינדער אין שול. 5. דערפֿירן צו
עפּעס, גורם זײַן. א, אַ קריגעדײַ, מחלוקה.
6. פּר. דזוו אַרונטערבּרענגען. א, די פּיאַגאָ.

־עכ▯ן. —עניש. ־ער. ־ערײַ. ־ער▯ש.
אונטערבּרענגען זיך — ← דפֿוו. 1. זיך
רואינירן, מאַכן פֿון זיך אַ תּל. זיך א, מיט
אַן אויסגעלאַסן לעבּן. 2. צובּרענגען,
צושטעלן פֿאַר זיך. ,,בּרענגען זיך אונטער

דערצו אַלעמאָל אַ טראַנספּאָרט אָרעמע בּחורים
אַלס בּאַריש,,, אמד, עוזר צינקעס און די
ציג, ווילנע 1868.
אונטערבּרענען — בּרען אונטער, ~
געבּרענט. אוטוו — בּרענען פּאַמעלעך, מיט
אַ ק[illegible].ין פֿײַערל. ,,דאָס האָלץ האָט
אונטערגעבּרענט און מיר זײַנען געזעסן אַרום און
געשמועסט,,, רייד. טרוו — אַ בּיסל,
טיילווײַז פֿאַרבּרענען; צובּרענען. האַלטן (אַ
געקעכטס) צו לאַנג אויפֿן פֿײַער. א, די מילך.
א, מיטן פּרעסל דעם מלבּוש. א, דאָס פֿלייש.
א, ציבּעלע און אַרויפֿלייגן פֿלייש. א, די
פּיאַטעס — בּײַם פּײַניקן כּדי אַרויסצוקריגן
אַ מודה זײַן זיך אָדער אינפֿאָרמאַציע. *א,
די טריט = שטאַרק רודפֿן עמעצן. אויך
מיט ז י ו — א, זיך די פּיאַטעס בּײַם גיין
אויף הייסן זאַמד.
־עכץ. ־עניש. ־ער.
אונטערבּרעקלען — דזון אונטערבּראָקן.
אויך צעבּרעקלען און וואַרפֿן אונטן. א,
שטיקלעך בּרויט פֿאַר די פֿייגעלעך.
אונטערבּדעקלען זיך — אוטוו. ־קל זיך
אונטער, זיך ~געבּרעקלט. מאַכן אָנשטעלן.
זיך (כּלומרשט) וואַקלען איידער מע שטימט

צו עפּעס צו. ער מוז זיך א, איידער ער
זאָגט יאָ.
אונטערגאַגערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געגאַגערט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט אַרויסבּרענגען קלאַנגען גאַ־גאַ ווי אַ
גאַנדז, קאַטשקע.
אונטערגאַווערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געגאַווערט. פֿון צײַט צו צײַט אויסטיילן

אונטערגאַנג

סלינע פֿון מויל. א, אין בּאָרד אַרײַן. אויך
מיט ז י ו.
אונטערגאָט — דער, ~געטער. גאָט פֿון
אַ נידעריקער מדרגה, אין אַ
פּאָליטעאיסטישער סיסטעם. „זיי גלייבּן אין גאָט מיט
א'געטער און האָבּן זייערע פּריסטער„, קמ,
5 1866, No. „קיין איבּערמענטש, קיין א,
און קיין פּראָפֿעט, איז ער צו מענטשנקינד
נאָר אַלס מענטש געקומען“, ווינטש II, נ„י
.1927

גאָלט. מאַכן עס זאָל זײַן אַ בּיסל מיט גאַל,
אונטערגאַלן — טרוו. גאַל אונטער, ~

-

גאַליק. היט זיך ניט אונטערצוגאַלן די פֿיש.
אויך פֿיג. א, דאָס לעבן. ־עניש.
אונטערגאָלן — טרוו. גאָל אונטער, ~
געגאָלט. 1. גאָלן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט. ״וועו ער פֿלעגט זײַן אין דער פֿרעמד,
האָט ער אונטערגעגאָלט די באָרד,,, רייד.
2. גאָלן בשתיקה. א, די באָרד און זאָגן אַז
מע ניצט אַ פּראָשעק. 3. גאָלן פֿון אונטן,
אין אונטערשטן טייל. א, דעם קאַרק. א,
די האָר פֿון די פֿיס. אויך מיט ז י ך —
רעפֿל & ווי אַ דאַטיוו. ־עכ ן — ,,מע
קוקט זיך צו צו זײַן...א',,, קמ. 1870, No
18. ־עניש.
אונטערגאַנג — דער, ־ען, ~געגג. 1. אַקט
פֿון אונטערגיין. אַ פֿאַמעלעכער אָדער
האַסטיקער א'. 2. ירידה; דאָס גיין אויף אַראָפּ.
,,און, דיא מחותני, העטין אים עם מעות
צו זײַן אונטיר גנג בעו,,ה אַסיסטירט,,, גח,

225. „און זאָל זײַן העכערגאַנג און זאָל זײַן א', אַבּי אַ דונער־גאַנג!“, צײַט, מטטרון. „עס האָט זיך דערטראָגן צו איר דער ריח פֿון פֿריִען א'...אָט דער...זיכערער קיבּוץ וועט זיך גײַסטיק אויסגליטשן“, בּ. ריווקין, גרונטטענדענצן...

3. היפּוך פֿון אויפֿגאַנג. אָפּגאַנג. שקיעה. „דאָס בּליִען, פֿרײַנד, איז שיין, עס זינגט און קלינגט אַליין! דער א, איז וויי און מיד — פֿאַרזינג, פֿאַרקלינג עס מיט אַ ליד!“, אָר, 'דאָס שענסטע ליד'. „כ'גיי שוין לאַנג מיט דער זון, פֿון אויפֿ־ בּיז א'“, פּרץ, בּײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק. „דאָרט זאָל זי שטיין פֿון זונאויפֿגאַנג בּיז א'“, אַש, תּהילים־ייִד. „נאָר איין פּינטל פֿון דײַן אויג — און איך האָבּ שוין פֿאַרנומען אַלע א'ען, אויפֿגאַנגען פֿון דײַנע טעג„, הל, ' סאָנעטן‌רינג, 1932.

4. חורבּן, צעשטערונג, צעפֿאַל. א, פֿון מלבות ישׂראל, פֿון דער רוימישער אימפּעריע אאַזוו. „דער קראַך פֿון שאולס קעניגרײַך; אין ווײַסע בּליצן גליט די פֿײַערשריפֿט וואָס צייכנט אָן מײַן א„„ יהואָש, 'שאול'. „דער אויסגעשריי פֿון א', דער קלאָג־געזאַנג

פֿון קאַסאַנדראַ, ווען טראָיע האָט געבּרענט ,
קאָר II. ,,אונדזער ליר איז פֿול מיט טרויער,
דרייסט איז אונדזער א'‘‘, י. אײַזמאַן,
געטאָלידער, בּוקאַרעשט 1945. ,,אַ קלאָגמוטער בּין
איך צו גיסן טרערן אויף דיר, אָ ציון,
אויף דײַן א,,,, מר I, נ,,י 1908.
5. טויט; אומקום. דאָס ניט־ווערן, דאָס

אונטערגאַנגיזם

פֿאַרשווינדן. ,,(אמת) איז דער בּשטאַנד אַליר
זאַכין, אבּער (שקר) איזט איר אונטר גנג,,,
ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ,,ט, כט/א.
,,אַליין דו בּיסט געוועזן פֿאַר אַלע
בּאַשעפֿעניש...און ווערסט זײַן אַליין נאָך אונטר
גאַנג אַליר בּאַשעפֿעניש צו אייבּיקײט‘‘,
תּחינות ובֿקשות, ווילנע 1858, ג/ב [איבּערדרוק
פֿון דירנפֿורט 1798]. ,,פֿון אַ טויזנט א'ען
— וועלכע שפּראָצונג איז געבּאָרן?,,, יהואָש,
'אויפֿן וואָגשאָל'. ,,מיט זײַנע 'לידער פֿון
אומקום, איז [ה. לייוויק] אויסן געווען אי
אַרויסצוזינגען און אויסצולאָדן פֿון זיך דאָס
געפֿיל פֿון שרעק פֿאַרן א',,, שנ, ה. לייוויק.
,,איך, דער געשוואָרענער נבֿיא פֿון א', אַ

נײ־געבאָרענער זינג איצט פֿון מונטערגאַנג“,
חג, פליטים.

6. מגיפֿה, שווערע עפּידעמיע (פּעסט,
כאָלערע, טיפֿוס, פּאָקן אאַ). „אויך דאשׂ הויז
גיזינד זאגין דאשׂ איז נישט קשה, עשׂ איז
איין אונטר גאַנג...אין צוויי אַדר דרײַא טאָג
ווערט ער ווידר גזונד ווערין כּבֿראשונה“,
מרגניתא פּיורדא 1791. “דער א, מאַכט אָן

,

אַ חורבֿן, אין בית אַשר אין שם מת„. „דער
א, (מגיפֿה) האָט אָבער נישט אַזוי גיך
געוואָלט אַוועק“, שע, פֿונעם יאַריד. “איידער
ער איז געשטאָרבן אויפֿן לעצטן א'„, פּרק,
'בשעת מגיפֿה'. „אַ בייזער א, איז
אומגעגאַנגען לאַנג...אויסגעקײַקלט יונג און אַלט„,
ר, מרדכילע, משלים. „אַ פּאָר מאָל אין יאָר
פֿלעגט ווערן אַן א', און מענדל באַגרעבער
האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע גילדן„, באַש, tטן
פֿון גאָרײַ. „איינמאָל איז געווען אַן א, אין
שטאָט, און די דאָקטוירים האָבן אָנגעזאָגט,
אַז מע זאָל האַלטן ריין אַלע הײַזער“, מ.
אונגעך, טמז, 24 1961 IX.

7. אָנשטעקיקע קראַנקייט, מחלה מתהלכת.
איבערגאַנג. „איז בײַ חיות געווען אַן א,:

איינער האָט געטריפֿט די אויגן, דער אַנדערער — אַ מכּה געצויגן", עט, משלים. „ייִדן האָבן...זיך געקלאָגט אויף די בײַכער, צו בּיסלעכווײַז אויך אויסגעשטאָרבן, נאָר דאָס איז געווען גלאַט אַזוי אַן א'. מע האָט עס צוגעשריבן די גרינע אוגערקעס", ממוס, פּישקע. „ווען אַמאָל אויף מיידל־אויגן איז געווען אַן א', נעמט די באָבע פֿון איר מחזור שנעל אַרויס אַ וואונדער־זאַנג", אול, דער באָבעס אוצר. „אין באַרדיטשעוו...איז דאָרט כמעט ניט אַריבער קיין איין יאָר אָן עפּעס אַן א', ווי ס'האָבן געהייסן בײַ ייִדן די מילדערע עפּידעמיעס„, נ. בּ. לינדער, אין יענע טעג.

8. ד, פּאָד. הינטערגאַנג; כיטרער אײַנפֿאַל. „באַקומט ער גאָר אַ נײַעם א':...ער עסט שוין אויף דעם וואַרעמעס„, ייִל, וועלט־לוח, אַדעס תּרמ"ג.

9. אַרכ. מערבֿ. „אונ, ער נייגט זיין גצעלט בית אַל פֿון אונטר גאַנג אונ, דער עי פֿון אויף גאַנג", טח, בּראשית, יב, 8.

אונטערגאַנגיזם — דער. מצ נבֿ. נעאַל, אאר. 1. שיטה וואָס האַלט אַז דאָס ייִדישע לשון גייט אונטער. "א, איז ניט דאָס

זעלבּע ווי ייִאוש...א, הייבּט זיך אָן מיט

גליַיכ697

גילטיקייט...און לאָזט זיך אויס מיט אַ מין
האָפֿערדיקייט“, אאר, דער פֿאָלקסגײַסט אין
דער ייִדישעך שפּראַך, פּאַריז 1964. ,,דער
א, ווי א. א. ראָבּאַק האָט אַליין געמינצט
אַ וואָרט צו בּאַצייכענען די הערשנדיקע
שטימונג בּנוגע הײַנט און מאָרגן פֿון אונדזער
שפּראַך,,, לע, טמז, 2 .15 1964 XI. דז
אויך בּנוגע דעם ייִדישן פֿאָלק בּכלל.
אונטערגאַנגיסט — דער, ־ן. נעאָל, צײַט.
ווער עס רעדט כּסדר וועגן אונטערגאַנג, וואָס
זעט אומעטום אונטערגאַנג.
אונטערגאַס — די, ־ן. פֿקפֿ ~געסל, ־עך.
1. הינטערגאַס, אַ גאַס אין אַ זײַט אָדער
ווײַט פֿון הויפּטגאַס. ,,אין אַן א, פֿון מ...,
אין אַ קליינעם צימער, איז זיך געזעסן אַ
בּאַיאָרטע פֿרויענצימער,,, גאָדל קערשינקאָרן,
דער טיראַנישער פֿעטער, וואַרשע 1886. “ווער
שמועסט אין די א'ן, דאָ איז גאָר אַ סכּנה
צו גיין אַז עס ווערט נאָר טונקל,,, קמ,
2 1866, No. ,,אויף אַלע א'ן איז ער גוט

באַקאַנט“, פּרץ, ,דער ייִדישער קוועסטאַר'.
2. לד. אַ גאַס אַרונטערצו, בײַ אַ טײַך, אונטער אַ באַרג. וואוינען אין א', באַלד לעבן ניעמאַן. 3. פּיג. המון, אָרעמע באַפעלקערונג. געהערן צו דער א', צו די א' געסלעך. דאָס האָט שוין דערגרייכט (צו) די (דע) א'.

אונטערגאָס־ראָד — די (דאָס), ־רעדער. די אונטערשטע ראָד פֿון אַ וואַסערמיל.

אונטערגאָרגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~געגאָרגלט. 1. פֿון צײַט צו צײַט זינגען (אָדער רעדן) מיט גאָרגלדיקע קלאַנגען. א, אַ חזניש ניגונדל. 2. אַ ביסל אויסגאָרגלען, אויסשווענקען דעם האַלדז. א, מיט באָרנע וואַסער. אויך מיט ז י ך. ,,איינער פֿון די פּרעסערס האָט בײַ דער אַרבעט ליב געהאַט זיך אַ ביסל אונטערצוגאָרגלען,, פֿאָר,

'

21 1965 III. ־עכן. ־עניש.

אונטערגאַרטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~געגאַרטלט. 1. אונטערבינדן, פֿאַרבינדן, אַרומבינדן מיט אַ גאַרטל. א, די הויזן. א, עמעצן. 2. פּיג. צוגעבן מוט, כּוחות עמעצן, יענער זאָל קענען זיך אַקעגנשטעלן. א,

דעם פֿאָרשטייער מיט נײַע אַרגומענטן. "זי האָט זיך גענומען צו דער גוטער, נאָר שוואַכער טאָכטער, זי אונטערצוגאַרטלען קעגן יצר־הרע„. פּרץ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבת'.
*א, די לענדן = זיך גרייטן דורכפֿירן עפּעס וואָס פֿאַרלאַנגט מוט אָדער אָנשטרענגונג.

1. רעפֿל. א, זיך מיט אַ גאַרטל. 2 פֿיג.
אונטערגאַרטלען זיך — ← דפֿוו.

.

זיך אָנשטרענגען, זיך אָננעמען מיט מוט, מיט בטחון דורכצופֿירן אָדער אויסצוהאַלטן עפּעס. א, זיך פֿאַרן פֿאַרמעסט. „דאָ האָבן זיך געמוזט די בלאַזנס גוט א', אויסזוכן אַזוינע פֿײַנע זאַכן", [חיים מאַלאַגאַ], 'גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. "זאָל ער זיך א„ דער מחותּן, פֿאַרן חתן מלבושים מוז ער געבן — כּיד המלכות„, פּרץ, 'אויף אַ זומער־וואוינונג'. "מיט אײַך רעדן באַדאַרף מען זיך גוט א'„,

אונטערגורטן

שע, טבֿיה. 3. זיך באַפּעסטיקן. א, זיך מיט
וויסן. "אויף צופֿרידנשטעלן אַ לעזער אַ
מפֿונק ווי איר דאַרף מען זיך גוט א'!,,,
דר, ע. פֿאַט, טמז, 13 ▯ 1964 III. ▯ עניש.
אונטערגאַרן — דער, מצ — די. (
שנײַדעריש) גאַרן, פֿעדעם, אַרײַנגעלייגט אין
אינעווייניקסטן אונטערטייל פֿון ניימאַשין צו
פֿאַרבינדן בײַם נייען מיטן אייבערשטן
פֿאָדעם. אָן א, קען מען ניט נייען.
אונטערגאַרנירן — טרוו. ־ניר אונטער,
~גאַרנירט. אונטערפּוצן. א, דאָס קליידל
מיט פֿאַרביקע בענדלעך. א, געהאַקטע
הערינג. ־דונג.
אונטערגאָרסעווען — טרוו. ־סעווע
אונטער, ~געגאָרסעוועט. 1. אָנטאָן אויף
עמעצן אַ שטײַפֿן קאָרסעט. א, די ברייטע
מאַדאַם. 2. (שנײַדעריש) אונטערלייגן,
אַרומנעמען שטײַפֿלײַוונט בײַ דער טאַליע פֿון אַ
קלייד.
אונטערגאַרעווען — טרוו. ־רעווע אונטער,
~געגאַרעוועט. (סטאָליערײַ) אונטערהובלען
שלעכט, גיך, מיט דעפֿעקטן. א, די פֿיסלעך
פֿון טיש.

בּאָאי□]. 1. געהילף פֿון הויפּט־גבּאי, דעם
אונטערגבּאי — [...גאַבּע] דער, ־ם [...

גאַאַדמיניסטראַטיוון אָנפֿירער פֿון שול. ,,שבּת
בּראשית האָט דער א', דער 'אוטשאָני, □.
אוטשאָני יעוורעי] מכבּו געווען מיט הגבּה
אַ נגיד‘‘, ייִפֿאָל, 2 .63 1887, No. סתּם א
-

געהילף פֿון עמעצן וואָס האָט אַ העכערן
אַמט. ,,וואָס קאָכט ע□. זיך, דער א,? ווער
פֿרעגט אים?‘‘, רייד. ,,...כאָטש ער איז נאָר
אַן א',,, קמ, 48 l865, No.
אונטערגדלען, ~גדלנען זיך — [...
גאַדלע(נע)ן] אוטוו. גדל(ן) זיך אונטער, זיך ~
געגדל(נ)ט. זיך גרויס מאַכן, זיך איבּערנעמען,
זיך אַרויסשטעלן פֿאַר אַ וויכטיקער פּערזאָן.
א, זיך און אַרויסשטעלן די אייגענע
קאַנדידאַטור.
אונטערגוואַלדעווען — אוטוו. ־דעווע
אונטער, ~געגוואַלדעוועט. צײַטנווײַז
אַרויסבּרענגען בּאַנומענע קולות. א, מיט קולי־קולות.
א, ווי אַ נערה המאורשׂה.
אונטערגווינטן — טרוו. גווינט אונטער,

~געגווינט. פּפֿ: ~גווינטעווען. 1. (
סטאָליערײַ, שלאָסער) פֿאַרפֿעסטיקן פֿון אונטן
מיט אַ גווינט, שרויף. א אַ שרויף. 2 פֿיג.

, .

צודריקן, אַרויסקומען מיט פֿאָדערונגען האַר
בּערע ווי פֿריִער. א, די געזעלן, מע זאָל
ניט פּטרן קיין צײַט.
אונטערגוססן — [...גויסעסח. אוטוו. גוֹסס
אונטער, ~געגוֹססט. פּפֿ: ~ גוסען. (נאָר
וועגן אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג,
אָרגאַניזאַציע) אַרויסווײַזן סימנים פֿון אונטערגיין. דאָס
קרעמל מײַנס גוססט שוין אונטער.
אונטערגורטן — טרוו. גורט אונטער, ~
געגורט. לר און אין געהויבּענעם לשון. דזוו
אונטערגאַרטלען ←. אויך מיט ז י ך. אויך:
*א, די לענדן.

אונטערגזלען
אונטערגזלען

— [...גאַזלע טרוו. גזל
אונטער, ~געגזלט. אויך: ~ זלענען.
פֿאַרבּאָרגן אָדער פֿון צײַט צו צײַט בּאַשווינדלען
אע. א אַ קונה.

אונטערגיי — דער, ־ען. אַקט פֿון
אונטערגיין בבֿ 11־13. אַן א, ווי פֿון אַ גנבֿ.
אונטערגייאיק — אַדי. 1. וואָס גייט
אונטער, אונטערגייענדיק. אַן א, געשעפֿט. א'ע
באַוועגונג. 2. וואָס קען אָדער מוז
אונטערגיין. א'ע מאָדע, מידות. ־יקייט.
אונטערגיין — אוטוו. גיי אונטער, בין ~
געגאַנגען (אויך: ~געגאַן, פּד: ~געגאַנגען).
1 פֿאַרשווינדן, אומקומען אין טיפֿעניש;
דער.
טרונקען ווערן. א, ווי אַ שטיין. „,
אורבליצלינג איז דיא שמועה קומין דאז דאש שיף
מיט זײַנן קנעכטן איז אונטר גאַנגן אונ,
זײַן אַל אום קומן“, בראַנט. „האָבן זיי
געזעו מיט זייערע אויגן ווי דער אָקרענט
אונטערגעגאַנגען איז“, ראָבינזאָן קראוזע דער
יונגערע, וואַרשע 1874. „,אויף דעם ים גייט
דען אַמאָל ניט אונטער אַ שיף מיט סחורה
און ווערט דערטרונקען,,, ממוס, ווינטשפֿ.
„,גוואַלד...די שיף גייט אונטער!,,, לאַט,
מישקע [קען אויך באַטײַטן: דאָס געשעפֿט, די
אונטערנעמונג גייט אונטער, ← ב]. *אַ שיף
מיט זויערמילך איז אים אונטערגעגאַנגען =

איר, כּלומרשט אַ סך אָנגעוואָרן; רעאַגירט
אַזוי ווי ער וואָלט איבּערגעלעבּט אַ גרויס
אומגליק. ,,וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר
אונטערגעגאַנגען?,,, רייד. ,,בּײַ דער גילדענער יויך
האָבּן זיי בּיידע אויסגעזען ווי עס וואָלט
זיי אונטערגעגאַנגען אַ שיף מיט זויערמילך,,,
פּרץ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבּת'. *אַלע שיפֿן
זײַנען אים אונטערגעגאַנגען = דזוו פֿרִיער,
נאָר מיט ווייניקער איר. ,,איר זיצט מיר עפּעס
אַזוי פֿאַרדאגהט...וואָס איז? אײַערע שיפֿן
זײַנען אונטערגעגאַנגען?,,, י. בּודזאָהן, דער
גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927. ,,האָט
זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פֿונעם רבֿס
גאַניק, ווי איינער וואָס אַלע שיפֿן זײַנען
אים אונטערגעגאַנגען,,, ז. שזר, טמז, 1964
9 ▯III▯ *א, אָן אַ ויהי נועם = פּלוצלינג,
גיך אונטערגיין. ,,ענגלאַנד האָט לויט דער
דאָזיקער ידיעה געזאָלט נעכטן בּײַנאַכט א,
אָן אַ ויהי נועם, איינס און צוויי", לאָדזער
טאַגעבּלאַט, 1922 ▯ 26.

2. זיך אַראָפּלאָזן אין דער טיף. ,,איבּג
[= אייבּיק] גלייט ניט דער בּרג ציון...ער
גיט ניט אונטר", סהמ, תּהלים, קכה, 1.

3. (וועגן הימלשע קערפּערס) בּיסלעכווײַז
אַראָפּנידערן און דערנאָך אינגאַנצן ניט ווערן
געזען. 'בּא השמש, — מלל — ,,אונטער גיט“
(קהלת, א, 5); מ□ — ,,אונטער גאַנגין,, (
בּראשית, כח, 11). ,,איך זאָל האַנדלען מיט ליכט,
וואָלט די זון ניט אונטערגעגאַנגען“, פֿוול
[אפֿשר אויפֿן סמך פֿון אַבֿרהם אבֿן־עזראַס
עפּיגראַ□]. ,,ווער דען שבּת בּגינט אין דער
צײַט איא [= איידע□] די זון אישׂט אונטער
גאַנגאן — דער מלאך שפּריכט גיבּענשט
זיַישׂטו, קינד,,, 'בּנימינס שבּת־ליד, בּאַלד נאָך

של,,ד [בּיר, ייִבּל 1 ,XIII־2]. ,,די לבֿנה גייט
אונטער, בּאַלד וועט אויפֿגיין די זון,,. ,,איז
אונטער גנגן דער מאָרגן שטערן“, סהמ,
יחזקאל, ז, 7. ,,איין טייל בּענשן אי [= איידער]
די זון אונטער גיט, דז היישׂט אין אמת נאָך
ניט רעכט שבּת“, עפּש, דרך הישר לעולם
הבּא, שקלאָוו 1796. ,,וואַרט אויס פֿאַרנאַכט,
ווען פֿײַערדיק און בּלוטיק וועט א, אין
מערבֿ־זײַט די זון,,, שע, אין שטורעם. ,,די

זון גייט אונטער, די ביימלעך לעשן זיך אויס“, פּרץ, גאָלדענע קייט.

4. זײַן אין מצבֿ פֿון שקיעה. דער מזל (מײַן שטערן) גייט מיר אונטער. „אויף דערויף ווײינט אסתּר וואָס איר מזל איז אַזוי גיך אונטערגעגאַנגען“, שע, יאָסעלע סאַלאָוויי.

*ער גייט אונטער = זײַן מזל גייט אונטער, דה עס גייט אים אַלץ ערגער (אין געשעפֿטן, אין געזונט).

5. בטל ווערן, פֿאַרלוירן ווערן. “אַלע סימנים גייען אונטער, נאָר דער סימן דלות בלײַבט„, שוו. „תּירוצים זאָלן ניט א'!„, שוו [= מע קען אָדער מע זאָל תּמיד קענען געפֿינען אַ תּירוץ]. „דיזוז טונין זיא אַלשׂ דער ווײַל זיא פֿורכט הבן איר געוועלטיגונג מעכטי אונטר גיהן„, הבחור חנוך בר, צבֿי הירש, איבֿז, אגרת בעלי חיים, הענא 1718. „פּורים, יוגנט — גלײַכע קרובֿים,ביידע זענען מונטער. הערן אויף די ימים־טובֿים — פּורים גייט ניט אונטער“, ברכיה שאַפּיר, אַ נײַע שושנת יעקבֿ, קראָקע 1912. 'ודרך רשעים תּאבֿד, (תּהלים, א, 6) פֿאַרטײַטשט תּי: „און דער וועג פֿון די רשעים וועט א'„.

6. אויפֿהערן זײַן, אויפֿהערן עקסיסטירן.

,,דיא וואָרהייט בלייַבט איביג בישטין, און,
דאשׂ רעכט ווערט ניט אונטר גין, דאז
מאג זיך דאז רעכט און, דער אמת ברימן,
דז זיא אַלצײַט אובן שווימן,,, צוכט. ,,דא
ווער יוא חס ושלום דיא תּורה אונטר גיגאַנגן
אין דעם שווערן לאַנגן ביטרן גלות, דא
ווער חס ושלום דער יודן גלויבן גאַנץ און
גאַר אונטר גאַנגן,,, לט1, קלד כ. ‘‘די וועלט
וועט נאָך אַזוי גיך ניט א', זי האָט נאָך
צו שטיין, כּפֿי איך האָב געהערט, ביז דעם
אלף השבֿיעי,,, ממוס, מסעות. ,,איר פּנים
איז אויסגעלאָשן...ווי דער טאָג וואָס האַלט
בײַ א',,, שע, פֿון פּסח ביז פּסח. ,,שטאַרבן
אין אַמעריקע פֿון הונגער? איז פֿיל
גלײַכער שטאַרבן אינדערהיים, מע האָט שוין
זאָגאַר דעם האָפֿענונג פֿאַרלאָרן, עס ווײַזט
אויס אַמעריקע וועט אינגיכן א',,, ח. א.
יאַכנוק, אויס ביאַליסטאָק, אין אַמעריקאַ,
וואַרשע 1894. *די וועלט גייט אונטער! =
עס איז זייער שלעכט, ביטער, ס'איז אַ
גרויסע סכּנה. אויך איר. ,,רבונו של עולם,
מוז דען דײַן וועלט א, אין סאַמע
שׂמחתּתּורה‘‘ פֿוול. ‘‘אַ קאַטאָוועס אַ ביסל אַזאַ
,

מציאה! איז נישט הײַנט, קען חלילה די וועלט א,!,,, ממוס, פּריזיוו. *די וועלט מעג א'! — אויסדרוק פֿון גרויס עקשנות אָדער תּקיפֿות בײַם דורכפֿירן דעם אייגענעם פֿאַרלאַנג. *מײַן וועלט גייט מיר אונטער = מײַנע האָפֿענונגען אָדער דאָס טײַערסטע פֿאַר

אונטערגיין

מיר איז אין אַ סכּנה אונטערצוגיין. *די וועלט איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען — אויסדרוק פֿון טרייסט, פֿון באַרואיקונג.

7. אויפֿהערן זײַן אין דער מאָדע. ,,די קרינאָלינע איז אונטערגעגאַנגען נאָך פֿאַר מײַן באָבעס חתונה‘‘, רייד. ,,אַפֿילו די הייליקע סאַבאַט־געזאַנגען זענען...אונטערגעגאַנגען‘‘, מלה, 'דזשודאַאיזם,.

8. זײַן אין פּראָצעס פֿון כּסדרדיקער ירידה. ווערן ערגער, שוואַכער און זײַן אין אַ סכּנה פֿון צעפֿאַל, פֿון ניט־ווערן. די געשעפֿטן גייען אונטער. ,,אונדזער קאָאָפּעראַטיוו גייט אונטער, אויב עס וועט ניט קומען קיין גרויסע הלוואה פֿון באַנק‘‘, רייד. ,,אויף גמילותחסדים שטייט די וועלט, און פֿון ניט

אָפּגעבן גייט זי אונטער,,, שוו. ,,ער בליט ווי
אַ רויז, גייט קיינמאָל ניט אונטער, ווי
לבֿנונס וואַלד זײַן וואָרצל אַ געזונטער,,, ממוס,
שירה. ,,ווי גייט אונטער אַ קולטור, ווי
פֿאַרשווינדן מלוכות?,,, קאָר II. ,,ווער איר זײַנע
רייד ניט אַכטן, א, און וועלקן מוזט איר,,,
יהואָש, הײַאַוואַטאַ. ,,דער שרײַבער פֿון אָט
די שורות גייט שוין אויך בּאַלד אונטער,,,
נאַד. ,,גייט אונטער דער גלאַנץ פֿון
פֿראַנקפֿורט,,, פּ. מאַרקוס, טמז, 1964 I ◻ 17.
9 פֿאַרשלאַפֿט ווערן. ,,זע, דאָס קינד גייט
.
מיר אונטער!,,, רייד. ,,אַ גאַנצן מעת־לעת
אין מויל ניט געהאַט...דאָס האַרץ גייט מיר
אונטער,,, שע, אָרעמע און פֿריילעכע I.
1O. (האַלטן בײַם) שטאַרבן. ,,מײַן מאַן
גייט אונטער און דאָקטוירים קענען מיר
ניט העלפֿן,,, רייד. ,,די געשיכטע האָט
בּאַפֿוילן: איר טאָרט ניט א'!“, שטריגלער. ,,עס
וועט דאָך סוף־כּל־סוף פֿון אַזוי פֿיל לײַדן
מוזן א, דאָס יִדישע פֿאָלק,,, ספּ, סודות.
א, און זיך ניט אונטערגעבן! א, און זיך ניט
בּייגן!
11. דערנענטערן זיך, צוקומען. < סל.

,,איינמאָל איז ער אונטערגעגאַנגען צו זײַן
נאַטשאַלניק און האָט צו אים געזאָגט....,,,
א. סאַפּיר, דער קליינער קאַטערזניק, ווילנע
1883. ,,די רײַכערע קינדער שעמען זיך מיט
איר אַ וואָרט אויסצורײדן און זי סמייעט
גאָרניט אונטערצוגיין [צו זי□],,, ל. לעוויץ,
רפֿאל דעס שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
,,צום טיש איז אונטערגעגאַנגען בובנאָוו“,
מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929.
12. צוקומען שטילערהייט, פֿון אַ זײַט,
פּלוצעם. < סל. ,,די נשמה האָט איר מיר
אַרויסגענומען...ווי גייט עס אַ מענטש
אונטער אַזוי אומגעריכט?,,, יד, אבֿן נגף. ״כ'האָב
דיך געוואָלט איבערשרעקן — איז ער
אונטערגעגאַנגען אַ צעשטראַלטער,,, אָפּאַ,
אונטערוועלט. ,,מיט פֿלינקע טריט
אונטערגעגאַנגען און אַרײַנגעקוקט דורך אַ קליין
פֿענצטערל“, ב. זילבערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן,
קעשענעוו 1885. ,,איך בין נאָר וואָס
אונטערגעגאַנגען...און כאַפּ אים גלײַך פֿאַר די
לאַצן“, פּינסקער שטאָט־לוח, תּרס״ד. ,,איינמאָל
איז ער...שטיל אונטערגעגאַנגען צו מלכן...,,,
בערן, אָפּגאַנג. ,,עס איז אונטערגעגאַנגען אָ
מיליציאָנער און האָט...צעטריבן די

הענדלעראונטערגייענדיק

קעס,,, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר,
.1932

13. זיך אויסלאָזן. לאַקל. < סל. ,,די
פּוטער איז מיר אונטערגעגאַנגען,,, רייד.

14. לאָקל. זיך פּאַסן, פֿאַרבײַטן. < סל.
,,ניטאָ קיין אַנדערע, קיין לײַטישערע, וועט
ער מיר א, פֿאַר אַ מאַן“, רייד. ,,איך וואָלט
געקאָנט א, פֿאַר בערגעלסאָנס מירעלע אויפֿן
גערעכט וואָס מע אָרדנט אײַן איבער איר“,
א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער, מ▯קווע
.1927

15. אונטעררוקן זיך. אַרײַנדרינגען. ,,אַ
טרויער הייבט איר אָן א, אונטערן האַרצן,,,
א. שעכטמאַן, מאָוו, היימלאַנד, מאָסקווע l962,
No 2. אויך מיט ז י ו, ספּעצ מיט בבֿ
12▯11. ,,ער איז זיך אַלע נאַכט ביסלעכווײַז
אונטערגעגאַנגען ביז ער איז געקומען קיין....,,
אמד, דער הירקאַן, ווילנע l877. ־עכ▯Iו.
־עניש.

אונ▯:ןערגייענדיק — אַדי. ווער עס האַלט

ביַים אונטערגיין, ווער עס גייט אונטער. ←
אונטערגיין, בּבּ 1־10.
אונטערגייער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
1. ווער עס גייט אונטער ← אונטערגיין,
בּבּ 11־2 .13. נעאָל. ווער עס ועדט כסדר
וועגן אונטערגאַנג. „די ליַיכטע, צופֿרידענע
און אומגעדולדיקע א'ס“, יג, איק, 1956.

גילדט. אויך: ~גילטן. באַגילדן פֿון
אונאונטערגילדן — טרוו. גילד אונטער, ~

געטן. ערטערוויַיז אָדער צו ביסלעך באַדעקן
עפּעס מיט גאָלד. א, די רעמלעך. א, אַ
בעכער.
אונטערגיסן — טרוו. גיס אונטער, ~
געגאָסן. 1. באַגיסן פֿון אונטן. א, די בלומען,
די פּרוכטביימלעך. א, קאַלט וואַסער אונטער
דער קאָלדרע, דער פּוילער זאָל אויפֿשטיין.
2. גיסן צו ביסלעך. צוגיסן, אַריַינגיסן.
קאָכן און א, וואַסער. א, בוימל ביַים פּרעגלען.
„ביידע זויגערינס זענען געשטאַנען איבער
דער מולטער און האָבן אונטערגעגאָסן אַלע
מאָל פֿריש וואַסער„„ שע. „ווען איינער האַלט
שמעקעדיקע קריַיטעכצער אין וואַסער, מאָג

ער [אום שבֿ] וואויל א, פֿרישע וואַסער,,, לט2, סח/א. ,,זי האָט געגעסן און צוגעזופּט דעם ווײַן, וואָס ער האָט יעדער מאָל אונטערגעגאָסן,,, טמז, 23 1964.

3. גיסן אין געהיים, בשתּיקה. א, וואַסער אין אָקעוויט. א, פּאָמאָיעס בײַ יענעמס שוועל. *א, אייל (בוימל) = גרעסער מאַכן אַ מחלוקה. ,,און די בעל־הביתטע גיסט אונטער בוימל אויפֿן פֿײַער", שע, לכּבֿוד יום־טובֿ I. *א, פּעך און שוועבל = אונטערהעצן. ,,דער יצר־הרע...מישט פֿײַער מיט דער לעפֿל און גיסט אַלץ אונטער פּעך און שוועבל,,, ממוס, יודל. ,,גיפֿט גיסט מען יעדן טאָג אונטער אין דײַן שיסל, אין דײַן בעכער ווײַן!", מ. חאַשקעס, לידער פֿונעם הערצען, קראָקע 1888. *א, דאָס בײַטל = אוקר. נעמען נאָך אַ טרונק בראַנפֿן. מיט ז י ך — אויך: משתּן

זײַן אונטער זיך. א, זיך אין בעט, אויפֿן געלעגער. 4. צומישן. א, וואַסער כּדי די

זופּ, די פֿאַרבּ אאַ זאָלן ווערן שיטערער.

־ונג. ־עכ□ן. —עניש.

אונטערגיסער — דער, ־ס. דער וואָס גיסט וואַסער אין מעל בּײַם פֿאַרקנעטן די מײרעס אויף מצה. זײַן אַן א, אין פּאָדראַד. ־ערײַ.

אונטערגלאָזיק — אַדי. נעאַל. וואָס איז אונטער גלאָז. א'ע האָדעוואַניע פֿון גרינסן אין ספּעקטן. א'ע חפֿצים.

אונטערגלאַטן — טרוו. גלאַט אונטער, ~ געגלאַט. (סטאָליער□) מאַכן אַ בּיסל גלאַטער. צוהובּלעווען אָדער אויסרײַבּן מיט זאַמדפּאַפּיר. א אַ בּרעט פֿון טיש.

,

אונטערגלאַנצן — גלאַנץ אונטער, ~ געגלאַנצט. אוטוו — צו בּיסלעך אָדער פֿון צײַט צו צײַט, דאָ און דאָרט גלאַנצן. די קאַפּאָטע גלאַנצט שוין אונטער. א, מיט שאַרפֿזין. טרוו — מאַכן עס זאָל גאָך אַ בּיסל גלאַנצן. בּאַשמירן מיט אייל און א, די שטיוול. ־עכ□ן. ־עניש.

אונטערגלוסטן זיך — אוטוו, דריטפּערזאַניק. גלוסט זיך אונטער, זיך ~געגלוסט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט בּאַגערן,

האָבן חשק. א, זיך אַ הוליע צו טאָן.
געבראָטענע טײַבעלעך גלוסטן זיך אים אונטער.
־עניש.
אונטערגלה — [...גאַלעך] דער, ־ים [...
גאַלאָכיI. געהילף פֿון גלח. קאַפּעלאַן, ל2.
אונטערגליטשן זיך — אוטוו. גליטש זיך
אונטער, זיך ~געגליטשט. 1. צו ביסלעך
זיך רוקן איבער אַ גלאַטער אייבערפֿלאַך. אַ
ביסל לויפֿן און אַ ביסל א, זיך אויפֿן אײַז.
2. זיך דערנענטערן, צוקומען (
אָנצוהערעניש אויף פּלוצעם, פֿון אַ זײַט) זיך
גליטשנדיק. א, זיך ווי אַ שלײַען. „ער האָט זיך
מיר אונטערגעגליטשט אונטער די פֿיס און
איך בין געפֿאַלן„, רייד. 3. צופֿעליק זיך
מאַכן, זיך טרעפֿן. אַ גוט געשעפֿטל, אַ
מציאהלע גליטשט זיך אונטער. „איך בין געווען
עלנט ווי אַ שטיין. האָט זיך אונטערגעגליטשט
אַ שידוך. נו, האָב איו חתונה געהאַט“,
רייד. 4. זיך צומאַכן; זיך אונטערחנפֿענען.
א, זיך צו דער באַלעבאָססע. ־עכץ. ־עניש.
אונטערגלייז — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערגלייזן. אַן א, אויף די
נײַע שיך.
אונטערגלייזן — טרוו. גלייז אונטער, ~

געגלייזט. 1. באַשמירן צו ביסלעך, טיילווײַז
אָדער פֿון אונטן מיט גלאַזור, מיט עפּעס
וואָס שײַנט. א, די נעגל פֿון די פּיס. 2. (
שוסטעריש) פּאָלירן פֿון אונטן. א, די זוילן פֿון
די לאַקירקעס. ־עכץ. ־עניש.
אונטערגלייטן — טרוו. גלייט אונטער,
~געגלייט. באַדעקן אַ ביסל, בהדרגה מיט
גלייט, פּראָטאָקסיד פֿון בלײַ, צו מאַכן אַ
גלאַנץ. א, ערדענע כלים.
אונטערגלײַכן — טרוו. גלײַך אונטער, ~
געגלײַכט. אויסגלײַכן, גלײַך מאַכן פֿון
אונטן. א, אַ קליידל. א, די האָר פֿון פּאַטילניצע.
א אַ חשבון.
,

אונטערגעאַרבעט

~געגלינצערט. פּפּ: ~גלימצערן פֿון צײַט
אונטערגלינצערן — אוטוו. ־ער אונטער,

.
צו צײַט, אַ ביסל פֿינקלען, שײַנען. ס'ווען
באַלד א, די ערשטע שטערן.

אונטערגל□ען — גלי אונטער, ~געגליט.
אוטוו   פֿון צײַט צו צײַט אָדער אַ ביסל
□--
גליִען. די קוילן אין פֿײַערטאָפּ װעלן נאָך
א'. טרוו — מאַכן עס זאָל נאָך אַ ביסל
גליִען. אַװעקבלאָזן דאָס אַש און א, די קוילן
אין סאַמאָװאַר. פֿיג. א, אַ שׂנאה. אויך מיט
ז י ך — זיך אונטערהיצן, זיך א'. ־עכ□ן.
־עניש.
אונטערגלעטן — טרוו. גלעט אונטער, ~
געגלעט. 1. נאָך אַ ביסל (אויס)גלעטן, מאַכן
גלאַט פֿון אונטן. א, װאָס איז נאָך
געבליבן שאָרסטקע. א, די פֿאַלדן. 2. אַ ביסל,
פֿון צײַט צו צײַט גלעטן, לאַשטשען. א, די
הענטלעך, דאָס פּנימל. 3. צו ביסלעך
חנפֿענען. א, דעם בעל־הבית. מיט ז י ך —
א) רעפֿל ב2; ב) זיך אונטערחנפֿענען. ־עניש.
אונטערגנבֿענען — [...גאַנװענעה טרוו. ־בֿע
□
אונטער, ~געגנבֿעט. אויך: ~גנכערן.
גנבֿענען פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך;
צופֿאַרדינען מיט גניבֿות. „זאָלט איר בעסער
זאָגן מוסר, פֿאַרװאָס זענען דאָ מלשינים,

פֿאַרוואָס כאַפּט מען א, צדקה ‏געלטער,,, ייִפּאָל, 9 1890, No. ,,אַזוי איז ער אַ פּאַסיק־ שפּילער און ער גנבֿעט אונטער אַ ביסל אויך,,, י. העשעלעס.

אונטערגנבֿענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

צוקומען בשתּיקה, אומגעריכט, מע זאָל ניט באַמערקן. א, זיך פֿון אַ ווינקל, פֿון אַ באַהעלטעניש. א, זיך אויף די שפּיץ פֿינגער. א, זיך און אַ פּאַטש (קוש) טאָן. זיך א, צו יענעם אין האַרצן אַרײַן = צומאַכן זיך; געווינען צוטרוי דורך זיסע, גלאַטע ריידעלעך, קאָמפּלימענטן אע. ,,ער האָט זיך אין אַן אָוונט אונטערגעגנבֿעט אין הויף אונטערן פֿענצטער", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. ,,ווײַסע־חבֿרהניקעס האָבן איבערגעשראָקן [אַ ציג], אונטערגנבֿענענדיק זיך שטילערהייט צו איר אויף דער פּריזבע", ממוס, ווינטשפֿ. ,,ער גנבֿעט זיך אונטער, כאַפּט רוזשקען אַרום און פֿאַרשטעלט איר די אויגן,,, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

און ‏רגע־ — די ווערטער וואָס מע

.

פֿון א נ דעם ערשט ־ טער

ג פֿינט ניט מיט אונט רג ←

ת

שטאַם.

אונטערגעאײַלט — אַדי, פּאַר אונטעראײַלן ← . ,,דער אונטערגאַנג פֿון ייִדיש איז אַ גוט־אָרגאַניזירטער, אַן אונטערגעשטופּטער, אַן א'ער,,, ינ, טמז, 13 1964 XI.

אונטערגעאַקערט — אַדי, פּאַר אונטעראַקערן ← . ,,ווען די גליבּעס וואָס זענען א, זענען אַ בּיסל נאַס...,,, מ. וועבּער, דער יודישער פֿעלדאַרבּײַטער, וואַרשע 1891.

אונטערגעאַרבּעט — אַדי, פּאַר אונטעראַרבּעטן ← . 1. ספּעצ פֿאַרצירעוועט, צוגעשטריקט פֿאַרלאַטעט. ,,אין דעם פּעקעלע איז

,

אונטערגעאָרדנט

געלעגן אַ פּאָר אַלטע א'ע זאָקן“, ממוס, ווינטשפֿ. 2. געטאָן געוואָרן מיט אַ ניטערלעכער כּוונה. אַן א'ע מעשׂה. ־ערהייט

— אַדוו. צוריקגעבן דאָס שטריקעכץ ניט־א'.
אונטערגעאָרדנט — אַדי, פּאַר
אונטערראָרדענען ←. וואָס איז אונטער אַ העכערן
לויט זײַן אַמט, ראַנג. אַן א'ער בּאַאַמטער.
„ווי אַן אמתער הויפּטלינג מיט די א'ע, צו
צוויי אין אַ ריי...“, בּ. טייטלבּוים, אויפֿן שוועל,
וואַרשע 1933. „ער זעט אַז זײַנע שעפֿן
זאָלן אויך זײַן צופֿרידן פֿון זייער א'ן„, מ.
יעלין, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No. ־קייט.
אונטערגעבּ — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערגעבּן (זיך). קאַפּיטולאַציע. „אויסדינגען
בּאַדינגונגען פֿון א'“, צײַט, מז, XII 1955
18. ־ונג.
אונטערגעבּאַקט, ־בּאַקן — אַדי, פּאַר
אונטערבּאַקן ←. האַלבּ־רויע, בּלויז א'ע(נע)
קאַרטאָפֿל ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
. .
אונטעדגעבּאָרגט — אַדי, פּאַר
אונטערבּאָרגן ←. א'ע אידייען, געדאַנקען ־קייט.
.
אונטערגעבּויגן — אַדי, פּאַר אונטערבּייגן
←. 1 ניט־גראָד, פֿאַרבּויגן אַראָפּצו. „זי
איז אַלט אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, אַ דאַר
פּנים, אַ לאַנגע אונטערגעבּויגענע נאָז“, פּרץ.

2. פֿאַרלייגט אונטער זיך אָדער אויף
אַהינטער. „שטעלט אײַך פֿאָר אַ בילד־שיינעם
מענטשן, האַלב־יִדיש, האַלב־איראָפּעאיש
געקליידט, מיט א'ענע פּאות,„ שע, 'פֿיר זײַנען מיר
געזעסן'. „אַ גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן מיט א'ענע
פֿיס און געשאָקלט זיך און געחזרט,„ קאָר I.
3. אײַנגעבויגן. „פֿלעגט שרײַבן...שטייענדיק,
איין פֿוס איז געווען א, און דער
אַנדערער אויסגעצויגן“, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
4. אונטערגעבראָכן. „זייערע א'ענע מידע
פֿיס, זײַנען ווי צוגעשמאָלצן געוואָרן צו די

מאָדנע ליבע, ווילנע 1901 ־ערהייט —
קלײַ־קלעפּעדיקע בלאָטע“, ג. ח. לעוונער, אַ

.

אַדוו. ־קייט.
אונטערגע ־ליגל. א'ע קעלערשטוב ־
ערבויט — אַדי, פּאַך אונטערבויען
←. א'ער פּ .
 הייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעבתדן — אַדי, פּאַר
אונטערבינדן ←. “סענדערל איז געגאַנגען אָנגעטאָן

אין אַ ציצן כאַלאָטל, א, ביידע באַקן מיט
אַ פֿאַרשמאָלצן טיכל", ממוס, מסעות. „האָבן
מיר אים געטראָפֿן מיט אַן א'ענער באַק און
מיט אַן אויפֿגעטראָגענער ליפּ", שע, 'די
ערשטע קאָמונע'. „די פויערטעס קאַפּטער מיט
די בענדלעך א',,, צבֿי נימן גאָלאָמבּ, די
בורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

אונטערגעבורעט — אַדי, פּאַר
אונטערבורען ←. א'ער ווײַן. צעהיצטע א'ע
שלעגערס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעביטן — אַדי, פּאַר אונטערבײַטן
←. א'ענע מלבושים. א'ענע פּעסער. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעבײַ — דער, ־ען. באַזע פֿון אַ
סטרוקטור; סובסטרוקטור. אונטערשטער טייל

, 0

פֿון אַ געבײַ. טייל פֿון בנין צווישן
פֿונדאַמענט און פּאַרטער. פּאָדמורוווקע, פּאָדמורעק.
אַ פֿעסטער א'.
אויך: אונטערגעבײַדע. „בײַ דער זײַט
פֿון צפֿונית מזרחית איז דאָ אַן א, פֿון

גרויסע שטיינער,,, אמד, דער ברטנורה, ווילנע 1877.
אונטערגעבײַלט — אַדי, פּאַר אונטערבײַלן ←. א'ע זײַטן.
אונטערגעביסן — אַדי, פּאַר אונטערבײַסן ←. אַן א'ענע חלה. אויפֿשפּרינגען וו אַן
י
א'ענער. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעבלאָזן — אַדי, פּאַר אונטערבלאָזן (זיך) ←. א, שטיקל פּאַפּיר. א'ענער ריח.
או ערגעבלויט — אַדי, פּאַר אונטער־ רהייט — אַדוו ־קייט.

בלויען ←. 1. געוואָרן אַ ביסל בלוי. ,,און אַבֿרהם אליה...אַ ייִד מיט אַן א'ער נאָז און מיט שוואַרצע פֿינגער“, שע, 'פּסח אין דאָרף'.
2. באַקומען (פֿון אונטן) בולטערע בלוילעכקייט (איבער מידקייט, קראַנקייט) אָדער וואָס איז אַ סימן פֿון קלעפּ. ,,צווישן די פּאַרשוינען זעט מען אייניקע מיט איבערגעבונדענע קעפּ, מיט א'ע אויגן,,, שע, אין שטורעס.
אונטערגעגעבן — טרוו. גיב (ד, געב) אונטער, ~געגעבן. < סל. 1. פֿאַרשטאַרקן.

צוגעבן, מוסיף זײַן. אונטערוואַרעמען. א, כּוח, שטאַרקייט, מוט, בּטחון, קוראַזש אע. א, חשק, היץ, פֿײַער [דאָס וואָס מע גיט אונטער קומט געוויינטלעך אָן אַרטיקל, קען קומען מיטן אַרטיקל אויב פֿאַר דעם סוב קומט אַדי]. א, ד ע ם אמתן כּוח, א אַ גרעסערן

,

חשק. א, פּיטוכע = [פֿאַרדרייט פֿון בּטחון] דזוו א, מוט, קוראַזש. ,,מע האָט געשיקט נאָך ישׂראליקלען ער זאָל זיי עפּעס זאָגן, עפּעס טרייסטן, עפּעס א, מוט“, ט.

קאַמינסקי, אַ בּיאָגראַפֿיע פֿון אַ י tראל־קלען, קיִעוו 1913. ,,אַז זײַן חבֿר איז געווען לעבּן אים, פֿלעגט ער אים א, חשק צו לערנען מיט אַלע כּלים“, ממוס, ווינטשפֿ. ,,שפּיל זיי אָפּ אַ וויוואַט — גיט...דער שנײַדער אונטער היץ אַרעלען“, א. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940. “די דאָזיקע געדאַנקען האָבּן מיר אונטערגעגעבּן כּוח, און איך האָבּ געקלעטערט,,, ממוס, 'בּישיבֿה של מעלה'. ,,גיכער, גיכער

..־— האָט בּנימין אים אַלץ אונטערגעגעבּן קוראַזש“, ממוס, מסעות. *א, פֿײַער =אויך: צוגעבּן מוט; אונטערהעצן. ,,און בּערטשיק האָט פֿון זײַן זײַט נאָך אונטערגעגעבּן פֿײַער,,,

פּ. רודאָי, טמז, 8 1964 III. *א, ווײַרעך (דעם טײַוול) = א, פֿײַער. „שמערלס ווערטער
האָבּן אונטערגעגעבּן ווײַרעך דעם טײַוול וואָס
ליגט אינעווייניק בּײַ איטלעכן פֿון אונדז,
זינדיקע מענטשן„, ממו״, פֿישקע.
2. אונטערטראָגן, צוטראָגן, דערלאַנגען. א, געצײַג דעם בּעל־מלאָכה. א, אַ פֿענדל, אַ טאָפּ. א אַ לעפֿל. א, מצה דעם פֿאַררוקער.

,
פֿיג. (טעאַטער־לשון) א אַ וואָרט =
אונטער,
זאָגן (אָפּט פֿון סופֿליאָר). „דאָס גלײַכע
קלאַפּן פֿון די רעדער גיבּן אונטער געדאַנקען
און פֿאַנטאַזיעס“, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן
אַקושערקע, וואַרשע 1909.

אונטערגעבּן זיך

3. אונטערלייגן. א, האָלץ אין אויוון. א, נאָך וואַטע אין אונטערמאַנטל, אין (אויף) די פּלייצעס. 4. אונטעררוקן מע זאָל נעמען. א אַ פֿענדל, אַ דאַמקע. 5. צוגעבּן; צו,

מישן; צוטאָן. א, וואַסער צום געדיכטן טייג.
א, פֿאַרבֿ. 6. איבֿערענטפֿערן, איבֿערגעבֿן
אַ שׂונא. א, די פֿעסטונג, די פּאָזיציע. 7.
העלפֿן אויפֿהייבֿן. א, די משׂא, אַ זעקל אויף
די פּלייצעס. 8. איבֿערגעבֿן. א, אַ צווייטן
די פּילקע בײַ אַ שפּיל.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערגעבֿן זיך — ← דפֿוו. 1.
קאַפּיטולירן, לאָזן זיך פֿאַנגען. זיך מער ניט
אַקעגנשטעלן. „האָט ווײַטער אָפּגענומען
מדינות, ביז די איבֿעריקע מדינות האָבֿן זיך
אַליין אונטערגעגעבֿן אונטער אים מיט גוטן
ווילן“, נחבֿ, 'מעשׂה מבֿערגיר והעני'. „יעדער
שוועל פֿון געטאָ...וועט אויך ווײַטער זײַן אַ
פֿעסטונג. מיר וועלן אַלע ליבֿערשט פֿאַלן
אין קאַמף איידער זיך א'“, אויפֿרוף פֿון
וואַרשעווער געטאָ־קעמפֿערס, 1943. „ניט גיבֿ
זיך קיינעם אונטער...זײַ מוטיק און זײַ
מונטער אין קעמפֿנדיקער שעה„„ אַר, 'זיג'.
2. זיך מייאש זײַן און אָננעמען אַ
שווערע, סכּנותרקע סיטואַציע. א, זיך דעם גורל.
פֿעלקער צעטראָטענע, שטויבֿ געוואָרענע,
זײַ„
נען פֿאַרשוואונדן. זיי האָבֿן שלום געמאַכט

מיט דעם גורל, זיי האָבן זיך
אונטערגעגעבן", קאָר II. "געהאָפּט און געוואַרט, זיך
שטאָלץ מיט מײַן שוואַרצער מערכה געשפּאַרט,

זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבן, יהואָש,
'דער סך־הכּל'. „אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט
אונטער דעם שניט — בּיסטו ווינציקער דען
וו אַ וואָרעם?", מוצ פּעטטונג.
י
,
3. זיך אונטערוואַרפֿן אונטער אַ צווייטנס
(פֿרעמדן) ווילן, זיך מכניע זײַן. א, זיך בּײַ
אַ קרייצפֿאַרהער. „ווען עץ העט נאָר
געוואָלט, העט איר אים שוין לאַנג בּאַגראָבן
אָדער ער העט זיך געמוזט א'", יפּ. "נאָך
אַ לאַנגן דועל מיט די בּליקן האָט זי זיך
ענדלעך אונטערגעגעבן", אַר, 'דער
פֿאַרפּלאָנטערטער אַדרעס'. „זי וועט ווערן מאָטלס
כּלה, ווען איך וועל שוין מער ניט לעבן.
דאָך דערווײַל נאָך בּין איך טאַטע, און זי
מוז זיך א'", סעג, 'דעם שוחטס טאָכטער'.
„ביז עס קומט צום פּינטל דאַרף אַ ייִד,
האַלט ער, נאָכגעבן און א, זיך", שנ, שלוס
אַש, נ"י 1960. אויך: אָפּגעבן זיך (סעקסועל).
„— איר ווייסט פֿאַרוואָס די פֿרויען גיבן
,

זיך 'אַזוי לײַכט אונטער?, זיי געווינען
דערווײַל צוויי חדשים זײַן אָן אַרבעט אין די '
הויכע, חדשים,,, י. עמיאָט, פֿאָר, 17 IX 1961.
4. סתּם אויספֿאָלגן; צוריקטרעטן פֿון
אייגענער מיינונג, שטעלונג. א, זיך בײַ אַ
וויכּוח. ,,ווער זאָגט דען אַז ניין? — פּרוווט
זיך דער טאַטע שוין מיט גוטן, וויל זיך א''',
שע, לכּבֿוד יום־טובֿ II. א, זיך דעם פֿאַרלאַנג
(אייגענעם אָדער פֿרעמדן). ,,האָט מען זיך
אונטערגעגעבן דעם יצר־הרע פֿון נאַציאָנאַלן
זעלבסטמאָרד'', זשיט X, נ''י 1919. ,,דער
גאָלד־געלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט א, איר
דעספּאָטישער קאַם'', פּרץ, 'אין פּאָסטוואָגן'.

אונטערגעבעט

5. מודה זײַן אַז מע האָט פֿאַרשפּילט
(בײַ אַ פֿאַרמעסט, שפּיל). זיך א, בײַ אַ
געראַנגל, בײַם שפּילן שאָך, דאַמקעס.
6. נאָכלאָזן. נאָכגעבן אונטער אַ דרוק,
אונטער אַ היילמיטל. ,,דער פֿאַרקאָוועטער
טײַך האָט סוף־כּל־סוף זיך אונטערגעגעבן''.
,,האָט געמאַכט אַלערליי זאַלבן, פּלאַסטערלעך,
וואַ□ערלעך און געלייגט אויף דער מכּה, דאָס

געשווילעכץ האָט זיך צו ביסלעך
אונטערגעגעבן,,, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית
לוי, קעשענעוו 1934. ,,נירן־אינפֿעקציעס, וואָס
האָבן אָנגעהאַלטן יאָרן און זיך נישט
אונטערגעגעבן טראָץ אַנדערע אָנטי־ביאָטישע
באַהאַנדלונגען,,, טמז, 7 1964 XI.
אונטערגעבעט — אַדי, פּאַר אונטערבעטן
←. אורח פֿאַרטײַטשט ,יצע, (ישעיה, יד, 11):
,,אונטער געבעט,, [תּי: ,,געבעט]. ,,געלעגן
אויף אַ הילצערנעם בעט, א, מיט אַ סך
קישנס,,, ספּ, סודות. ,,אין אַ קורצער,
פּויערישער, גוט־א'ער מאַרינאַרקע,,, א. קאַהאַן,
אַהרן ליבערמאַן, קיִעוו 1935. ,,א, מיט שסרוי
און צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן מלבוש,,,
חג, טמז, 26 l959 III פֿאַלשע ציין
פֿרעמ. ,, ,
דע האָר, א'ע היפֿטן“, י. וואַלאַך, טמז, 1960
27 XI. ,,ווען מע האָט אַזאַ אײַנקונפֿט יעדן
חודש, ,,אונטערגעבעט,, נאָך מיט 13 טויזנט
דאָלאַר“, טמז, 14 1964 III.
אונטערגעבעט — דאָס. מצ נב. דאָס וואָס
מע בעט אונטער. מיט אַ ווײַך א'.
אונטערגעבעטלט — אַדי, פּאַר
אונטערבעטלען ←. א, ברויט. ־ערהײַט — אַדוו.

אונטערגעבעסערט — אַדי, פּאַר
אונטערבעסערן (זיך) ←. א, געזונט. א'ער
מאַנוסקריפּט. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעבער — דער, ־ס. ←
אונטערגעבן. ספּעצ ווער עס דערלאַנגט די
אויסגעוועלגערטע און געגרעדלטע מצות דעם וואָס
פֿאַררוקט זיי אין אויוון. דער א, האָט שוין
קיין הענט ניט.
אונטערגעבעריש — אַדי. וואָס איז ווי
בײַ דעם וואָס גיט (זיך) אונטער. ניט־
עקשנותדיק; נאָכגעביק. א'ער כאַראַקטער. ־קייט.
אונטערגעבראָטן — אַדי, פּאַר
אונטערבראָטו ←. א, פֿלייש. מיט אַן א'ענעם פּנים
(פֿון ברענען זיך אויף דער זון). ־עדהייט
— אַדוו. ־קייט.
אונטערגעבראַכט — אַדי, פּאַר
אונטערברענגען ←. פּפֿ: ~געברענגט. די א'ע
זאַכן.
אונטערגעבראָכן — אַדי, פּאַר
אונטערברעכן ←. מיט א'ענע זײַטן. מידע, א'ענע
פֿיס. "אַ טויטער אתרוג! — זאָגט דער
טאַטע מיט אַן א'ענער שטימע", שע, 'דער
אתרוג'. „בײַ אים ווערט [פֿון איר קוק] ווי
א, דאָס האַרץ,,, בערג, 'יוסף שור'. "[די

סאָסנעס] זענען פֿול...מיט א'ענע,
סטערטשענדיקע שפּיצן פֿון צווײַגן“, מ. מאַן, גק, No
47. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.
אונטערגעבּרודיקט — אַדי, פּאַר
אונטערבּרודיקן ←. א'ע וועש. האָבּן אַן א'ן

נאָ

1 ,

מען. ,,און לינקס פֿלעגן אָנקומען אַ ביסל
א'ע [נשמות],,, פּרץ, 'פֿין דע סיעקל, -
ער

הייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעבּריט — אַדי, פּאַר אונטערבּריִען
←. א'ע טיי. א, פֿון אַזאַ אָנצוהערעניש,
שטאָך אע = שטאַרק אויפֿגערעגט,
אויפֿגעקאָכט. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעבּרענט — אַדי, פּאַר
אונטערבּרענען (זיך) ←. א'ע קלעצער. א, בּרויט.
פֿון היצן א'ע תּבֿואה ־ערהייט — אַדוו.

.

־קייט.
אונטערגעגאַנגען — אַדי, פּאַר אונטערגיין
←. א'ע שיף. א'ע געשעפֿטן. א'ע מאָדע.
,,אויף אויסגעגראָבּענע חורבֿות פֿון אַן א'ער
אורשטאָט‘‘, ל. ראָכמאַן, גק, No 49. ־
ערהייט — אַדוו. זיך צוהערן א'. ־קייט.
אונטערגעגאָסן — אַדי, פּאַר אונטערגיסן
←. וואָס מע האָט צוגעמישט וואַסער. א'ענער
ווײַן. א'ענע בּייטן. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעגאַרטלט — אַדי, פּאַר
אונטערגאַרטלען ←. ,,אונטער דעם האָריקן פּעלץ
וואָס איז א, מיט אַ שטריק‘‘, צבֿי ניסן
גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ,,אין
פּרט פֿון תּורה און השׂכּלה זײַנען בּיידע
געווען גוט א',,, ייִט, פּוילן I □ י. □ ערהייט

— אַד]ו.
אונטערגעגליט — אַדי, פּאַר אונטערגליִען
←. אַן א'ער שטיין צו כּשרן כּלים. ־
עדהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעגלײכט, ־גליכן — אדי, פּאַר
אונטערגלײכן ←. א'ע פּאות. א'ע שׂכירות.
־קייט.
אונטערגעגעבּן — אַדי, פּאַר אונטערגעבּן
(זיך) ←. א'ענע שטאָט. א'ענער מוט. א'ענע
מאכלים. „א, אונטער דעם יאָך פֿון דער תּורה
אַזוי ווי דער אייזל...אונטער זײַן יאָך פֿון
טראָגן משׂאָות„, איבּז תּנחומא, בּראשית,
וואַרשע תּרמ„ו. ־קייט — הכנעה, מצבֿ פֿון
ניט ווערן זיך. „ווי איך זע, האָט דער
בּעל־הבית געזאָגט מיט אַן א', — ווילט איר
מיך נאָך פּײַניקן מיט ניט־אָנגעטרווישאַפֿט„,
ווײַס, 'איינער אַ מענטש'.
אונטערגעגעבּנהייט — די. מצ נבֿ. דטשמ.
נר. דזוו אונטערגעגעבּנקייט. „דער אונטערשייד
צווישן די שטאַנדן רופֿט אַרויס...די געפֿילן
פֿון קנעכטישער א'“, וואָס ווילן די
סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד7, זשענעוו 1899.
אונטערגעגעלט — אַדי, פּאַר אונטערגעלן
(זיך) ←. א'ע האַרבּסטיקע בּלעטער. ־

עדהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעגראָבן — אַדי, פּאַר אונטערגראָבן
→. א'ענער דורכגאַנג. אַן א'ענע
אויטאָריטעט. אַן א'ענע בעלי־בתּישקייט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אונטערגעגרײַזלט — אדי, פּאָר
אונטערגרײַזלען →. א'ע פּאות. אַן א'ער קאָפּ האָר.
־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אונטערגעגרינט — אדי, פּאַר
אונטערגרינען →. א'ער פֿאַרשימלטער קעז ־
ער, .
הייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעהאַקט

אונטערגעדאַנק ▯— דער, ־ען. 1. .1
זײַטיקער געדאַנק. צוגאָב־געדאַנק. „איז דערפֿון
געדרונגען, אַז ער, אליעזר, האָט געהאַט אַן
א', אַ נגיעה“, דר, הלל זײַדמאַן, [ציט ר, חיים
בּריסקע▯] טמז, 2 .30 1964 X. דזוו
הינטערגעדאַנק.
אונטערגעדאַרט — אַדי, פּאַר אונטערדאַרן
→. א'ע בלעטער. א, בּרויט. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.

אונטערגעדויערן — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
עס געדויערט אונטער, ~געדויערט.
געדויערן אַ ביסל אָדער אַ לענגערע צײַט. עס
וועט נאָך א, ביז די גאולה וועט קומען.
אונטערגעדעקט — אַדי, פּאַר אונטערדעקן
←. אַ פּסחדיקער א'ער טיש. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעדערים — די, במ. דזוו כּרכּשתּא,
רעקטום. „אַרויסגעשפּאַרט די געדערים (עס
וועט געבּרעכט) אָדער עס שפּאַרט אַרויס
די א, (קאַרקאַשקע)„, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש,
די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887.
אתטערגעדרייט — אַדי, פּאַר אונטערדרייען
←. א'ע פּאָלעס. א'ע געשעפֿטעלעך. א'ע
ספּרוזשינעס. א'ע וואָנצעס. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעדריקט — אַדי, פּאַר
אונטערדריקן ←. „עס האָט זיך דערהערט אַ רוישן
און אַנטלויפֿן צווישן די ביימער און באַלד
אַן א, קול„, ווײַס I, ,פֿון רבינס שטוב'.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „האָט זיך
זייער גוט אַן עצה געגעבן מיטן גלות, אין
זײַן קלאַסישער פֿאָרעם פֿון א',
רעכטלאָזיקייט“, אפֿא, טמז, 6 ־ 1964 III.
אונטערגעהאָדוועט — אַדי, פּאַר

אונסערהאָדעווען (זיך) ←. א'ע איגדיקעס, קעלבער.
אונטערגעהאַלטן — אַדי, פּאַר
אונטערהאַלסן ←. „אַ ניגון פֿון כאָר, א, פֿון אָרגל“,
פּרץ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. „דעם אַלטן
דיכטערס ווערטער האָט באַגלייט אַ דונער
פֿון אַפּלאָדיסמענטן, א, פֿון פֿאַבריק־
אָרקעססער„, נאַרבער־שטימע, מאָסקווע 1925, No
6־7. ־ערהייט — אַדוו.
אתטערגעהאָלפֿן — אַדי, פּאַר
אונטערהעלפֿן ←. א'ענע פּליטים. א'ענע ענטפֿערס.
־ערהייט — אַדוו. —קייט.
אתטערגעהאַמערט — אַדי, פּאַר
אונטערהאַמערן ←. א'ע קאַסטענעס. א'ע פּאָזיציעס.
א'ע רייד. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעהאַנגען — אַדי, פּאַר
אונטערהענגען ←. א'ע אוירינגלעך. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעהאַקט — אַדי, פּאַר אונטערהאַקן
←. אַן א'ער בוים. מאַכן (געבן) עמעצן
אַ פּאָר א'ע אויגן. גיין ווי מיט א'ע פֿיס.
“מיט א'ע פֿיס און צעבראָכענע הערצער
זענען אונדזערע דעלעגאַטן אַריינגעבראַכט
געוואָרן„, שע, אַלט־ניי כתרילעווקע. „ווי אַן

א'ער סלופּ פֿלעגט ער נאָכדעם אַוועקפֿאַלן,,,
בּ. דעמבּלין, צאַנקענדיקע ליכט, נ,,י 1958.
,,זיך געפֿילט ווי אַן אָדלער מיט א'ע
פֿליגלען“, א. גילנער, טמז, 1 1964 I. די א'ע

אונטערגעהאָרכט

אינמיטן בּליִען. *א'ע אויגן = טונקל־בּלוי,
שוואַרצלעך אונטער זיי. ,,וואָלסט בּײַ מיר
געקראָגן צוויי א'ע אויגן און אַ
צעבּראָכענע נאָז,,, טמז, 3 1964 IX. *א'ע קאַפּאָטע
= קורצע, אַרומגעשניטענע ־ערהייט —

.

אַדוו ־קיי.

אונטערגעהאָרכט — אַדי, פּאַר
אונטערהאָרכן (זיך) ←. א'ע סודות. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעהובּלט — אַדי, פּאַר
אונטערהובּלען ←. א'ע בּרעטער. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטערגעהויבּן — אַדי, פּאַר אונטערהייבּן
←. אין אַן א'ענער שטימונג פֿון כּעס

.

א'. „מיט א'ענע פּאָלעס פֿאַרשטעקט אין גאַרטל, מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס... שפּאַנען...דרײַ פֿאַרשוינען“, ממוס, שלמה. “די גאַנצע צײַט איין בּרעם א',„ א. שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No. „מיט אויסגעשפּרייטע הענט און א'ענע אַקסל,„ חג, 'דער פּרוש'. „שיך מיט א'ענע קלעצלעך“, ש. איזבּאַן, טמז, 12 1963 III. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעהול(י)עט — אַדי, פּאַר אונטערהול(י)ען ←. „אַנדערע אַרבּעטער פֿלעג איך אַמאָל טרעפֿן א',„ סטעפֿאַן כאַלטורין, לאָנדאָן 1902.

אונטערגעהונגערט — אַדי, פּאַר אונטערהונגערן ←. הונגעריקע טעג און א'ע יאָרן.

אונטערגעהיילט — אַדי, פּאַר אונטערהיילן (זיו) ←. א'ע כראָנישע קרענק. ־ערהייט — אַדוו. אַרויס פֿון שפּיטאָל א, ־קייט.

.

אונטערגעהייצט — אַדי, פּאַר אונטערהייצן ←. א'ער אויוון. א'ע מחלוקתן. „ער האָט געפֿילט, אַז זײַן מוח גליט שוין פֿון ווײַבּס

טענות צו אים ווי אַן א'ע כּלי,,, חג, טמז,
1 1965l I. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעהיל — דער, ־ן. וונ — ־ין, ־ס.
ווער עס אַרבעט (טוט עפּעס) ווי אַ העלפֿער
צום געהילף. אַן א', אַ משרתל צום
אונטערדוואָרניק.
אונטערגעהיצט — אַדי, פּאַר אונטערהיצן
←. א'ער שמעלצאויוון. א'ער וויכּוח. ,,א,
פֿון דער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע,,, זשיט
I, נ"י 1917.
אונטערגעהערט — אַדי, פּאַר אונטערהערן
←. א'ע רייד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעוואוינען — טרוו. געוואוין
אונטער, ~געוואוינט. פּפֿ: ~געוויינען.
ביסלעכווײַז אָדער נאָר אַ ביסל צוגעוואוינען. א,
דאָס קינד צו שלאָפֿן אַליין אין צימער. אויך
מיט ז י ך — א, זיך ווייניקער צו עסן.
א, זיך צום קאַלטן קלימאַט.
אונטערגעוואַקסן — אַדי, פּאַר
אונטערוואַקסן ←. פּפֿ: ~געוואָקסן. 1. אַ ביסל
צוגעוואַקסן. אַ ביסל א'ענע ביימלעך. די נאָכן
רעגן א'ענע תּבֿואה. 2. וואָס האָט אַזוי ווי
אויף גיך אָדער אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן.

2,

א'ענע קינדער. א'ענע פּרײַזן. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אונטערגעוואָרגן — אַדי, פּאַר אונטערווערגן
←. א'ענע קעצלעך. א'ענע באַגערן. ־ער—
הייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעוואַרט — אַדי, פּאַר
אונטערוואַרטן ←. א'ע כּלה. א'ער שׂונא. ־ערהייט
— אַדוו.

אונטערגעוואַרעמט — אַדי, פּאַר
אונטערוואַרעמען ←. א'ע וועטשערע. א'ע פֿון
די רייד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אונטערגעוואָרסן — אַדי, פּאַר
אונטערוואַרפֿן ←. אַן א'ענער בלבול. „ס'איז געווען
עפּעס אַן א'ענע מעשׂה“, ממום, 'די אַלטע
מעשׂה,. „פּלוצלינג ווערט אויפֿגעבראָכן די
טיר — מען איז געקומען געפֿינען דעם א'
ענעם פּגר„, פּרץ, 'מעשׂות'. „דאָס בוך אויפֿן
טיש האָט...אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע א'ענע
עבֿירה־פּרוכט„, בערג, נאָך אַלעמען. „די
צעטעלעך וואָס ווערן בײַגעלייגט צו די א'ענע
קינדער„, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. „
קאָסמאָפּאָליטיזם איז בײַ דעם אינטערנאַציאָנאַל
ניט מער ווי אַן א'ענער ממזר“, זשיט IX,
נ„י 1919. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט —
„ער קען זיך ניט קעגנשטעלן דער סוגעסטיע.
דעריבער ווערט די דאָזיקע סטאַדיע
אָנגערופֿן היפּאָטאַקסיע, דה א'“ פֿגעז, ווילנע
,
.No '1929 23

-

אונטערגעוואָרסן זײַן — צזוו. זײַן
אָפּהענגיק. זיך געפֿינען אונטער עמעצנס רשות
אָדער אונטער אַ ווירקונג, אַ השפּעה. ניט
זײַן קיינעם א'. א, דעם גורם, דער סיבֿה.
א, די געזעצן פֿון דער נאַטור. „אַ קינד
דאַרף ניט זײַן א, צו די עלטערן"„ ש.
בֿעקערמאָן, די קאָרטן־וואַרפֿערקע, אַדעס 1888.
„אַ פֿאָלק ווײַבֿער...זאָל ניט זײַן א, צו
אַלעמען, מע זאָל מיט אונדז טאָן וואָס מע וויל"„
ש. בֿעקערמאן, דער זשענסקער וואָפּראָס,
אַדעס 1887.
אונטעתעוואַשן — אדי, פּאַר אונטערוואַשן
(זיך) ←. א'ענער הינטן. א'ענע פֿלעקן.
א'ענע פֿעלדער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעוויאָנדזלט — אַדי, פּאַר
אונטערוויאָנדזלען ←. א'ע הערינגלעך. ־ערהייט
— אָדוו.
אונטערגעוויאַנעט — אדי, פּאָר
אונטערוו אַנען ←. א'ע בֿלעטער. א, פּנימל. א'ע
,
אידייען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעוויגט — אַדי, פּאַר אונטערוויגן

←. אַן א, קינד ־ערהייט — אַדוו.

.

אונטערגעוויזן — אדי, פּאַר אונטערווײַזן

←. א'ענער עקזאַמען. א'ענע אַרבעט. ־

ערהייט — אדוו. קען עס טאָן נאָר א'.

אונטערגעווײַסט — אַדי, פּאַר אוגטערווײַסן

←. א'ער סאַמאָוואַר. אַן א'ער באָרשטש

= מיט סמעטענע. ־ערהייט — אַדוו.

אתטערגעווייקט — אַדי, פּאַר אונטערווייקן

←. א□ע הערינג. „און עס האַלט שוין...

בײַ די זיסע פֿעפֿערדיקע, געפּאַפּריצירטע,

צואונטערגעזײַערט

קערדיקע, שמעקעדיקע פֿיש מיט דער א'ער

מצה„, שע, אין שסורעם. ־ערהייט —

אַדוו. ־קייט.

אונטערגעווינען — טרוו. ־ווין אונטער,

~געוואונען. געווינען אַ ביסל, צײַטנווײַז.

„אַז מע געווינט אונטער בײַ קאָרטן

פֿאַרלירט מען שפּעטער די הויזן„, רייד.

אונטערגעוויקלט — אַדי, פּאַר

אונטערוויקלען ←. א'ע פֿיס. א'ער שטיילאָמפּ. א'ע

נעץ. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעווירצט — אַדי, פּאַר
אונטערווירצן ←. א'ע מאכלים. א'ע אַנעקדאָטן. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעווישט — אַדי, פּאַר אונטערווישן
(זיך) ←. אַן א'ער זײַט־מיר־מוחל. א'ע ליפּן.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעוועבט — אַדי, פּאַר אונטערוועבן
←. א'ע פּלאַכטע. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעוועקסט — אַדי, פּאַר
אונטערוועקסן ←. א'ע דילן. ־ערהייט — אַדוו.
אונטער געווער — פּראַזע. באַוואָפֿנט. מיט
געווער אין האַנט. „ער און זײַנע ברידער
האָבן אַלץ געמוזט שטיין א, ג, איבער די
מורדים“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח,
באַרדיטשעוו 1817.
אונטערגעזאָגט — אַדי, פּאַר אונטערזאָגן
←. א'ער ענטפֿער. א'ע תּשובֿה. א'ע קשיא.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעזאָדן, ־זאָטן — אַדי, פּאַר
אונטערזידן ←. א'ענע מאכלים. א'ענער
סאַמאָוואַר. אויפֿשפּרינגען ווי אַן א'ענער. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעזאַלצן, ־זאַלצט — אַדי, פּאַר
אונטערזאַלצן ←. א'ע זופּ. א, וואַסער. אַן

א'ענער פּרײַז. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעזאָרגט — אַדי, פּאַר אונטערזאָרגן (זיך) ←. א'ע און אומצופֿרידענע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעזויגן — אַדי, פּאַר אונטערזייגן ←. אַן א, עופֿעלע. ־ערהייט — אָדוו. אײַנשלאָפֿן רואיק א,.
אונטערגעזויערט — אַדי, פּאַר אונטערזויערן (זיך) ←. פּפֿ: ~געזײַערט. ער זעט אויס א'. א'ע סחורה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעזוכט — אַדי, פּאַר אונטערזוכן ←. א'ע זאַכן. א'ע באַשולדיקונגען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — אַ גרינטלעכע א'.
אונטערגעזונגען — אַדי, פּאַר אונטערזינגען ←. א'ע ניגונים. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעזונקען — אַדי, פּאַר אונטערזינקען ←. א'ע שיפֿן. א'ער אינדזל. „א'ענער אונטערן וואַסער“, רעד, משה פֿראָסטיג, יודישער קאַלענדאַר, לעמבערג 1911, 5.
אונטערגעזײַערט — אַדי, פּאַר אונטערזײַערן ←. א'ע אוגערקעס. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

אונטערגעזילבערט

אונטערגעזילבערט — אַדי, פּאַר

אונטערזילבערן (זיך) ←. א'ער כּוס. אַן א'ע באָרד.
־קייט.

אונטערגעזיפּט — אַדי, פּאַר אונטערזיפּן

←. א'ע מעל. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

אונטערגעזעגט — אַדי, פּאַר אונטערזעגן

← פֿאַלן ווי אַן א'ער בוים (דעמ) ־
ער. — .
הייט — אַדוו.

אונטערגעזעגענען זיך — אוטוו. ־זעגן
זיך אונטער, זיך ~געזעגנט. 1. געזעגענען
זיך ניט אויף לאַנג, מיט דער דעה איינגיכן
זיך צו טרעפֿן ווידער. א, זיך בײַם גאַניקל.
2. אָפּשיידן זיך פֿון עפּעס מיט אַ געפֿיל
פֿון אומצופֿרידנקייט. א, זיך מיטן געשעפֿט.
3. פֿאַרלירן דעם בטחון אין עפּעס. זיך
אַנטוישן. א, זיך מיט דער פֿרײַנדשאַפֿט. ־עניש.

אונטערגעזע'ל — דער, ־ן. ווער עס העלפֿט
דעם געזעל און איז אונטער זײַן השגחה
אָדער דעה. אַן א, צו גיין אַ גאַנג.

אונטערגעזענגט — אַדי. וואָס איז (אַזוי
ווי) אָפּגעבּרענט, אָפּגעסמאַליעט. אַן א'ער איז

ער אַרויס פֿון געשעפֿט.
אונטערגעזעסן — אַדי, פֿאַר אונטערזיצן
→. א'ענע גנבֿים.
אונטערגעזעען — אַדי. אונטערגעקוקט.
וואָס מע האָט געזען בשתיקה אָדער אויף
דער גיך. אַן א, באַגעגעניש פֿון דעם פּאָרל.
אַן א'ער פֿאַרבּרעך.
אונטערגעזשאַווערט — אַדי, פֿאַר
אונטערזשאַווערן →. א'ע בּלעכן. א'ע געדאַנקען.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעהזירט — [...כאַזערט] אַדי, פֿאַר
אונטערחזירן →. א'ע פּאָדלאָגעס. א'ע
רעפּוטאַציע ־קייט.

.

אונטערגעהזרט — [...כאַזערט] אַדי, פֿאַר
אונטערחזרן →. א'ע לעקציעס. א'ע ליגנס.
־ערהייט — אַדוו. ניט געדענקען אַפֿילו א'.
אונטערגעהלומט — [...כאָלעמ] אַדי, פֿאַר
אונטערחלומען →. א'ע פּלענער. ־קייט.
אונטערגעהשבונט — [...כעזשבּנט] אַדי,
פֿאַר אונטערחשבונען →. א'ע מאָנונגען.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעהתמעט — [...כאַסמעט] אַדי,
פֿאַר אונטערחתמע(נע)ן →. א'ער וועקסל.

א'ע פּאַפּירן. א'ער גזר. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעטאָן — מיט ז ײַ ן אָדער ו ו ער ן. צזוו. אַרכ. אונטערטעניק זײַן אָדער ווערו. „דער מענש מאַכט אַך פּפֿײַל אונ, בוגן...פֿעגיל אונ, אַליז זײַן אים אונטער טון“, ספֿר משלים, פּפֿדמ 1686. „ווערלן אַלע מים הזדונים און מים חזקים שלאַף און א, ווערן, דאָס זיי זאָלן ניט אַרויסגיין משחית ומחבל זײַן צו מענטשן“, נוצ I, זשיטאָמיר תּרכ„ג. [אויף דעם סמך איז מעגלעך אַ סינאָנים צו אונטערטעניקער — אונטערגעטאָנענער.]

אונטערגעטאַנצט — אַדי, פּאַר אונטערטאַנצן ←. א'ע פֿון פֿרייד. ־ערהייט — אַדוו.

3 ,

אונטערגעטאָקט — אדי, פּאַר אונטערטאָקן ←. א'ע פֿיסלעך פֿון טיש ־ערהייט —

.

אַדוו ־קייט.

.

אונטערגעטאַשט — אַדי, פּאַר אונטערטאַשן

→. א'ע קאָרטן. „אַ סקאַנדאַל צוצוזען ווי
מע גיט די קינדער א'ע פּאַקטן„„ ווינטש II,
נ„י 1927.
אונטערגעטובֿלט — [...טויוול] אַדי, פּאַר
אונטערטובֿלען →. א'ע כּלים אויף פּסח.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעטונקען, ־טונקט — אַדי, פּאַר
אונטערטונקען →. שטיקלעך הערינג, א'ע
אין עסיק. קאַרטאָפֿל, א, אין הערינג־ראָסל.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעטוקט — אַדי, פּאַר אונטערטוקן
→. א'ע טויכערס. א'ע אונטערוואַסערשיף.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעטראָגן — אַדי, פּאַר
אונטערטראָגן →. א'ענע משׂא. א'ענע מאכלים. א'ענע
מסירהלעך, פּליאָטקעס. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אונטערגעטראָטן — אַדי, פּאַר
אונטערטרעטן →. אין דער שטיל א'ענע. א'ענע
ווײַנטרויבן. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעטראָפֿן — אַדי, פּאַר
אונטערטרעפֿן →. א'ענע רייד, רעטענישן. אַן א,
גליק.

אונטערגעטרו▯מט — אַדי, פּאַר

אונטערטרוימען ←. א'ע בּאַגערן, וויזיעס. ־קייט.

אונטערגעטרויען — אַנטוו. ־טרוי אונטער, ~געטרויט. געטרויען נאָר אַ בּיסל אָדער צײַטנווײַז. א, עמעצן [דאַטיוו] וואָס פֿאַרדינט אפֿשר גאָרניט קיין צוטרוי. מיט ז י ך — זיך אונטערנעמען; זיך פֿאַרלאָזן אויף זיך גופֿא. א, זיך דורכצופֿירן דאָס שווערע שטיקל אַרבּעט.

אונטערגעטרויערט — אדי, פּאַר

אונטערטרויערן ←. א'ע פֿאַרלירערס. א'ע אַלמנה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעטרתקען — אַדי, פּאַר

אונטערטרינקען ←. א'ענע תּבֿואה. א'ענע פֿעלדער. א'ענע פּויערים. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעטריבּן — אַדי, פּאַר

אונטערטרײַבּן ←. א'ענע זעלנערס, האָרעפּאַשניקעס. א'ענע געבּורט. א'ענע ציפֿערן. א, פֿון הײַנטצײַטיקע טענדענצן. ־ערהייט — אַדוו. טאָן עפּעס א'. ־קייט.

אונטערגעטרייבּערט — אַדי, פּאַר

אונטערטרייבּערן ←. א'ער זאָדיק. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעטרייסט — אַדי, פּאַר

אונטערטרייסטן ←. אַן א'ע אַלמנה. ־ערהייט — אַדון.
אונטערגעטריקנט — אַדי, פּאַר אונטערטריקענען ←. א, געהילץ. א'ע פּירות. א'ער מוח. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעטרענט — אַדי, פּאַר אונטערטרענען (זיך) ←. א'ער מלבוש. א'ע זײַטן. אויך וואול. ־ערהייט — אדוו.

אונטערגעלויבט

אונטערגעיאָכט — אַדי, פּאַר אונטעריאָכן ←. א'ע פֿעלקער. „די פֿראַגע: וואָס דאַרף דער מענטש דענקען? — איז א, אונטער דער...נאָך וויכטיקערער פֿראַגע: וואָס דאַרף דער מענטש טאָן?„, זשימ I, נ„י 1912.
אונטערגעכּישופֿט — [...קישעפֿט] אַדי, פּאַר אונטערכּישופֿן ←. א, פֿון שיינע רייד, שיינעם אויסזען. ־קייט.
אונטערגעבּשרט — [...קאַשערט] אַדי, פּאַר אונטערכּשרן ←. א'ע דריידלעך. א'ע גניבֿה. א'ע „פּסחדיקע“ כּלים. א, פֿלייש. ־קייט.
אונטערגעכאָוועט — אַדי, פּאַר אונטערכאָוועו (זיך) ←. א'ע קינדער. א'ע באָרד.

אונטערגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אונטערכאַפּן
→. די א'ע געטאָ־יִידן. א'ע טויבן. א'ע עפּל

פֿון בוים. א'ע פּעטש. א'ע ניגונים. *א, אין
דער מעשׂה = ווער עס האָט אויפֿגעהערט
גלייבן, זיך אויפֿפֿירן (אָפֿן אָדער בשתּיקה)
אויפֿן טראַדיציאָנעלן אופֿן; דער וואָס אויף
אים איז אַ חשד אַז ער איז אַ משׂכּיל, אַן
אַפּיקורס. א'ע מאָדעס. א'ע שטרעמונגען. „שטיל,
שייגעץ! ניטאָ קיין תּירוצים...דו ביסט שוין
גוט א, אין דער מעשׂה“, דער רײַזנדער,
וואַרשע 1883. א'ע הילפֿסרופֿן. א'ע
רכילותלעך. „דאָס זענען...פֿליִענדיקע נאַכריכטן, א'ע
ידיעות, אומשולדיקע ליגנס פֿון דער
קוליסע“, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אונטערגעכמאַרעט — אַדי, פּאַר
אונטערכמאַרען (זיך) →. אַן א'ער הימל. א'ער
שטערן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעכמורעט — אַדי, פּאַר
אונטערכמורען (זיך) →. אַן א, געמיט. א, פּנים.
־קייט.
אונטערגעכריפּעט — אַדי, פּאָר

אונטערכריפּען ←. שרײַען מיט אַן א, קול. ־קייט.
אונטערגעלאָדן — אַדי, פּאַר אונטערלאָדן
←. א'ענער וואַגאָן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אונטערגעלאָזט, ־געלאָזן — אַדי, פּאַר
אונטערלאָזן ←. אַן א, בײַטעלע מיט געלט.
אַן א'ער ריח־ניחוח. אַן א'ע סובמאַרין. „און
כאַפּן נאָך אַ פֿײַכט נאָס קישעלע אין קאָפּ
אויך אַן א'ע פֿאָנפֿע אונטער דער נאָז„, ממוס,
שלמה.
אונטערגעלאַטעט — אַדי, פּאַר
אונטערלאַטען ←. א'ע הויזן. א'ער חולה —
ער.
הייט — אַדוו.
אונטערגעלאַכט — אַדי פּאַר אונטערלאַכן
←. א'ער שוטה. א'ע וויצן. ־ערהייט —
אַדוו.
אונטערגעלאָפֿן — אדי, פּאַר אונטערלויפֿן
←. די א'ענע פּאָליצײ־לײַט. אַן א'ענע באַק.
אַן א'ענע בשׂורה. ־ערהייט — אָדוו.
־קייט.
אונטערגעלאָשן — אַדי, פּאַר אונטערלעשן
←. אַן א'ענע קריגערײַ. א'ענע קאַלך. אַן
א'ענער קלאַנג. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעלויבט — אַדי, פּאַר אונטערלויבן

←. א'ע גראַפֿאָמאַנען. ־קייט.

אונטערגעלויכטן

אונטערגעלויכטן — אַדי, פּאַר

אונטערלײַכטן ←. א'ענע בינע. א'ענע מאָמענטן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעליאַמעוועט — אַדי, פּאַר

אונטערליאַמעווען ←. א, קליידל. א'ע פֿענצטער.

„אַ ליפּ געפֿעטרעוועט אויף נאָך אַ ליפּ און

א, מיט אַ קליין בולבעוואַטע ליפּל“, ייִל, קמ,

30 1867, No. *א'ע אויגן = א) מיט שוואַרץ

אָדער בלוילער אונטער זיי; ב) רויט□ן —

, פֿון

וויינען אָדער ניט שלאָפֿן ־ערהיי

.

אַדוו. ־קייט.

←. „אַן א'ענער איז נאָך אַלץ ניט גלײַך

אונטערגעליטן — אַד□, פּאַר אונטערלײַדן

צו אַ געליטענעם,,, רייד. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.

←. אַן א, איי. א'ע קישנס. א'ע אַקסלען.
אונטערגעלייגט — אַדי, פּאַר אונטערלייגן

א'ע פֿיס. א'ע טרייפֿענע סחורה. א'ע באָ
ליגל
מבּע.

,,ווי אַ הינדעלע שפּרייט אויס אירע פּ
אויף די א'ע אייער", חג, ,דער פּרוש,. ,,ליגט
בײַ זיך אין צימער אויפֿן בעטל, א, ביידע
הענט צוקאָפּנס", ממוס, שלמה. ,,שיקט די

אַסעקוראַציע אַראָפּ אירן אַ מענטש; איז ער
חוקר ודורש צי עס איז נישט געווען א',,,
פּרץ, ,נחת פֿון קינדער'. ,,אין גאַס קאָכט
זיך ווי אויף אַן א, פֿײַער, אַ סומלעניש“,
מ. גראָסמאַן, היימיש, נאָוו, 1958. א'ער
שמייכל = אומעכטער, אומערלעכער. ,,יאַנקל
צו צו יאָזעפֿן, מיט אַן א'ן שמייכל): יאָ,
יאָ בעל־הבּיתניו“, ש. בעקערמאַן, הדסה,
אַדעס 1884 ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

. .

אונטערגעלייזט — אַדי, פּאַר אונטערלייזן
←. א, געלט.
אונטערגעלײַטערט — אַדי, פּאַר
אונטערלײַטערן ←. א'ע שטימונג. א'ע נשמה.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעלייענט — אַדי, □אַר
אונטערלייענען ←. א'ער טרייף־פּסול.

←. ,,אין א'עם געלט איז ניטאָ קיין
מזלאונטעדגעליִען — אַדי, פּאַר אונטערלײַען

בּרכה“, סוחריש ווערטל. א'ע אידיי(ע).

געלט. מאַכן ס'זאָל אויסזען אַ ביסל געל(ער).

אונטערגעלן — טרוו. געל אונטער, ~

געמאכן געל פֿדן אונטן. א, די קאַנטן טר

,

פֿו

אטואר. מיט ז י ך — ווערן אַ ביס גע

-

אויסזען קראַנק. א, זיך ווי אַ לימענע.

אונטערגעלעגן — אַדי, פּאַר אונטערליגן

←. אויך: וואָס איז צום טייל קאַליע

געוואָרן פֿון צו לאַנג ליגן. א'ענע תּבֿואה. א'ענע

עפּל. *א'ענע סחורה = אויך אַזאַ וואָס איז

אַרויס פֿון דער מאָדע. א'ענע פֿאַראַיאָריקע

היט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעלעכערט — אַדי, פּאַר

אונטערלעכערן ←. א'ער דיל. אַן א'ער דאַך. א'ע

לונגען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעלענט — אַדי, פּאַר אונטערלענען
(זיך) ←. א, אויף קוליעס. מיט אַן א'ן
רוקן. זיצן א, ווי פּסח בײַם סדר. ,,זי זיצט
מיט איין האַנט א, דעם 'קוזשיל, ['בּכּישור',
תּי: ''שפּינראָד []'', מס, משלי תּקע''ד, לא,

4,

19. ,,ער איז געזעסן אין וואַלד, א, אונטער
אַ בּוים'', ממוס, מסעות ־ערהייט —
.
אַדוו. ־קייט.
אונטערגעלעקט — אַדי, פּאַר אונטערלעקן
(זיך) ←. ,,דאָס קינד דערלאַנגט מיר זײַן
א'ע צוקערקע,,, רייד. ,,אַן א'ער, צעשמייכלט
זיך דער בּעל־הבּית,,. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעלערנט — אַדי, פּאַר
אונטערלערנען (זיך) ←. אַן אייבּערפֿלעכלעכע א'ע
תּורה. א'ער טעסט. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעמאָגערט — אַדי, פּאַר
אונטערמאָגערן (זיך) ←. א'ע בּהמות. א'ע
פּריזיוניקעס. אַן א'ע קאַסע. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטערגעמאַטערט — אַדי, פּאַר

אונטערמאַטערן (זיך) ←. א'ע אַרבעטער. וואַנדערערס, א'ע פֿון וועג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעמאַכט — אַדי, פּאַר אונטערמאַכן ←. אַן א'ע אונטערשריפֿט. א, געלט. אַן א'ע באָרד. *א'ע אויגן = אונטערגעפּאָרבענע. *א'ע זאָקן = וואָס מע האָט דעם אונטערשטן טייל צוגעשטריקט פֿונדאָסנײַ. „אין מײַן גאַנץ קעלערל וועט איר ניט געפֿינען אַפֿילו איין טעפּל ווײַן א'ן", עט, סערקעלע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעמאָלט, ־געמאָלן — אַדי, פּאַר אונטערמאָלן ←. 1. אונטערגעפֿאַרבט. א'ע אויגן פֿרויען און מיידלעך...מיט גלאַנציקע

.„ באַקן, א'ע אויגן„, ל. קאָברין איבז, מאָפּאַסאַן II, נ„י 1914. 2. פֿון אונטן אָדער ביסלעכווײַז אָפּגעריבן, צעריבן. פֿון די כוואַליעס א'ע שטיינער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעמאַליעוועט — אַדי, פּאַר אונטערמאַליעווען ←. א'ע שטובן. אַן א'ע יפֿהפֿיה. א'ער באַריכט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

מעלקן ←. אויד: ~געטעלקט. א'ענע
אונטערגעמאָלקן — אַדי, פּאַר

אונטערקי. א'טער רײַכער פֿעטער ־ערהייט —
.

אַדוו.
אונטערגעמאָרעט — אַדי, פּאַר
אונטערמאָרען ←. א'ע געפֿאַנגענע, פּריזיווניקעס.
א'ע פֿערד. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
.
אונטערגעמבּלען — אוטוו. ־בּל אונטער,
←געגעמבּלט. אמ. 1. צו בּיסלעך, פֿון צײַט
צו צײַט געמבּלען, שפּילן אין אַזאַרטשפּילן,
בּײַ פֿערדגעיעגן אע. א, און אָנווערן אַ האַלבּן
פֿאַרמעגן. 2. צום טייל ריזיקירן,
אײַנשטעלן. א, מיטן געזונט.
אונטערגעמוטשעט — אַדי, פּאַר
אונטערמוטשען (זיך) ←. א'ע פֿון לאַנגע שעהן
אַרבּעט. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
.
אונטערגעמורמלט — אַדי, פּאַר
אונטערמורמלען ←. א'ער ענטפֿער. ־קייט.
אונטערגעמיט — דאָס. מצ נבּ. דאָס וואָס

באַשטימט דאָס געמיט, דאָס פֿאַרבאָרגענע אין געמיט. נעאַל, חיים־לייב פּוקם, 1957.

אונטערגעניי

אונטער(גע)מינירט — אַדי, פּאַר
אונטערמינירן ←. א, פֿעלד. „דער אָפּערע־פּלאַץ איז אונטערגעמ, מיט מאַגי־ביינדלעך“, עזרא קאָרמאַן איבּז, איוואַן גאָל. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעמינעוועט — אַדי, פּאַר
אונטערמינעוען ←. „די קעלט ווירקט דעמאָלט, ווען זי טרעפֿט אָן אויף אַן א'ן וואָרצל„, פֿגעז, פֿאַריז 1 l950, No. „אַ געשטאַרקטע אָדער א'ע יו־ען?“, ד. ל. מעקלער, טמז, 6 XII 1964. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעמיסטיקט — אַדי, פּאַר
אונטערמיסטיקן ←. אַן א, פֿעלד. אַן א'ע פּאָדלאָגע.
אונטערגעמישט — אַדי, פּאַר אונטערמישן
←. א'ער בראַנפֿן, וויין אע. א'ע פֿעדעמפֿלאַקס מיט וואָל (שעטנז). א'ער סם. ־ ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעמלאָכהט — [...מלאָכעט] אַדי, פּאַר אונטערמלאָכה(נע)ן ←. א'ע אַרבעט.

אַן א'ע חתימה. ־ערהייט — אַדוו ־קייט

.

— עס שטאַרצט אַרויס די א'.

אונטערגעמסהרט — [...מיסכערט] אַדי,

פּאַר אונטערמסחרן ←. א'ער בּבֿל, ראַמש.

אונטערגעמעקט — אַדי, פּאַר אונטערמעקן

←. א'ע אותיות. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.

אונטערגענאַרט — אַדי, ▯אַר ← דוווו.

א'ער חתן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגענאַרן — טרוו. ־נאַר אונטער,

~גענאַרט. פּר. דזוו אונטערנאַרן. אָפּנאַרן,

בּאַשווינדלען צײַטנווײַז, צו בּיסלעך. א אַ

,

תּמעוואַטן. מיט ז י ך — ,,האָט ער אָבער

מיט בּאַהאַלטענע▯. ערמה געטראַכט, אַז ער

מוז זיך אונטערגענאַרן,,, ווײַס II, דער

איבּערגאַנג'. ־עכ▯ן. ־עניש. ־ער.

אונטערגענאַרערײַ — דאָס & די, ־ען.

פּר. שקר, פֿאַלשקייט, שווינדל. אַקט פֿון

זאָגן שקר, טאָן פֿאַלשקייט און שווינדל. ,,

דאַרפֿן זיך ניט אָפּלערנען אַלע שטותים,

פֿאַלשקייט, א, פֿון דער מענטשהייט,,, ווײַס I,

,איינער אַ מענטש'.
אונטערגענאַשט — אַדי, פּאַר אונטערנאַשן
← . א, אײַנגעמאַכטס. א'ע אידיי(ע).
אונטערגענגלער — דער, ־ס. נעאָל. ווער
עס דריקט אויס די זיכערקייט אַז ייִדיש און
קולטור אויף ייִדיש גייען אונטער. „שפּײַזן
אונדזערע א'ס מיט באַווײַזן„, יג, טמז, 1965
7 III.
אונטערגענוד(י)עט — אדי, פּאַר
אונטערנוד(י)ען ← . די א'ע צוהערערס.
אונטערגענומען — אַדי, פּאַר אונטערנעמען
(זיך) ← . פּפֿ: ~גענעמעז, פּד. אַן א'ער
פּלאַן. א'ע עקספּעדיציע. ־ערהייט — אָדוו.
א, זיך אָפּזאָגן (חרטה האָבן).
אונטערגעניי — דאָס, ־ען און מצ ווי אצ.
1. דאָס וואָס מע נייט אונטער. "ס'איז אַ
קורץ קליידל, סע באַדאַרף אַן א'", רייד.
2. אונטערשטער טייל פֿון אַ שטיוול אָדער
פֿון אַ הויכן שוך. „משיח וועט קומען...גיו

אונטערגענייט

און באַלד, אַ סימן האָסטו אַז דײַן מאַן
אַבֿרהמל האָט אָנגענומען אַ פּאָר א'„, בּ.

שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.
,,וואָס שייך שיך — קאָן מען ניצן די
כאָלעוועס יאָרן. אַלץ וואָס מע דאַרף איז אַן
א',,, באַש, פּאָר, 2 1959 X. ,,אַן א, — ד,,ה
נײַע שטיוול און אַלטע כאָלעוועס'', דאָרטן
1958 ▯י 10. 3. אונטערשטער טייל פֿון אַ
וואָגן. דרייזין. 4. דער צוקאָפּנס. ל2.
אונטערגענייט — אַדי, פּאַר אונטערנייען
←. 1. וואָס אַ נײַער טייל (ס'וובֿ דער
אונטערשטער) איז צוגענייט צו דער אַלטער
זאַך. *א'ע שטיוול = ← דפֿוו. ,,די פֿיס
אין די א'ע גראָבזויליקע שוואַרצע פּוישטן
פֿאַרוואָרפֿן איבער דער דראַבינע,,, א.
שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No. *א'ע
זאָקן = וואָס זייער אונטערשטער טייל איז
צוגעשטריקט. ,,איך האָב דיר געשיקט אַ
פּאָר א'ע זאָקן'', ממוס, ווינטשפֿ. 2. פּר.
דורכגעטריבן, כיטרע; פֿאַלש, צבֿיעותדיק. א'ער
יונג. א'ע חבֿרה. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגענייטיקן זיך — אוטוו. ־טיק זיך
אונטער, זיך ~געניייטיקט. צײַטנווײַז האָבן
אין עפּעס אַ באַדערפֿעניש. (מחמת
אָרעמקייט, נויט) א, זיך אין הילף, אין
קליינע הלוואות.

אונטערגעניצט — אַדי, פּאַר אונטערניצן
←. א'ע חתונה־מלבּושים. א'ער
אויטאָמאָבּיל. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגענעצן — אוטוו. ־נעץ אונטער,
~געגענעצט. 1. פֿון צײַט צו צײַט
אַרויסלאָזן אַ גענעץ. א, ווי נאָך וואַך זײַן אַ
גאַנצע נאַכט. א, בּעת אַ נודנער רעדע.
אונטערגענע'רט — אַדי, פּאַר אונטערנערן
←. א'ע קינדער. דאָס א'ע דריטל פֿון דעם
מענטשלעכן מין. ־קייט.
אונטערגעסאָכנ(?)עט — אַדי, פּאַר
אונטערסאָכנ(?)ען ←. א'ער בּוים. א'ע
אַלטיטשקע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעסטראָיעט — אַדי, פּאַר אונסער
סטראָיען ←. א'ע מעשׂה מחמת קנאה־שׂנאה.
־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעסל — דאָס, ־עך. ← אונטערגאַס.
,,עס איז אָבּער אַ גליק געשען עס איז
אין אַן א, געוועז,,, א. בּ. רנף, דער שיכּור...,
וואַרשע 1871. ,,און אויף אַלע יאַטקעס און
אין אַלע א'עך טאַקי כּתבֿ־יד פֿון רבֿ בּפֿירוש
אַרויסגעשריבּן בּזה הלשון“, בּינטשע די
צדקתטע, וואַרשע 1883. ,,אונדזערע
אָפּגעבּרענטע האָבּן ערגעץ אין אַן א, געקריגן אַ

קליין שטיבעלע,,, ט. קאַמינסקי, אַ
ביאָגראַפֿיע פֿון אַ י□Iדאל־קלען, קיִעוו 1913.
אונטערגעסמאַליעט — אַדי, פּאַר
אונטערסמאַליען ←. א'ע פֿעדערן, וואָנצעס. א'ע
שמות. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעסמאָרעט — אַדי, פּאַר
אונטערס□אָרען ←. אַן א'ע קאַפּאָטע.
אונטערגעפּאַטשט — אַדי, פּאַר אונטער
פּאַטשן ←. א'ער הינטן. א'ער אַקטיאָר.
א'ער באַלעם, פּילקע. ־ערהייט — אַדוו.

□()5 ,

אונטערגעפּאַטשקעט — אַדי, פּאַר
אונטערפּאַטשקען ←. א, קליידעלע. א'ע
אַרבעט, געמאַכט טיאַפּ־ליאַפּ. א'ער גאָמען. ־
ערהייט — אַדוו.
אונטערגעפּאַליעט — אַדי, פּאַר
אונטערפּאַליען ←. א'ער אויוון. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטערגעסאַנצערט — אַדי, פּאַר
אונטערפּאַנצערן ←. א'ע מיליטערישע וועגענער.
אַן א'ער מיט פֿעסטע ראַיות. ־ערהייט

— אַדוו. ־קייט.

אונטערנעפּאַסיקט — אַדי, פּאַר ' אונטערפּאַסיקן'. 1. אַרומגעבונדן מיט אַ פּאַסיק. א'ע הויזן. אַן א'ע בלוזע. 2. אונטערגעצויגן פֿאַרשטײפֿט פֿעסט אַרומגענומען. „די

אַנסאַמבלען פֿון געבײַדעס, שטײַף א,“, פּמ, מלחמה.

אונטערגעפּאַרעט — אַדי, פּאַר אונטערפּאַרען ←. א'ער טיי. די א'ע לײַבער אין באָד. א'ע קליידער. שרײַען ווי אַן א'ער חזיר. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעפּאַשעט — אַדי, פּאַר אונטערפּאַשען (זיך) ←. א'ע קי, עופֿות אע. א'ער איידעם אויף קעסט. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעפּודערט — אַדי, פּאַר אונטערפּודערן ←. א'ע פֿיס. אַן א, פּנים. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעפּויקט — אַדי, פּאַר אונטערפּויקן ←. אַן א'ער מאַרש. א'ע קלאַנגען. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעפּוצט — אַדי, פּאַר אונטערפּוצן (זיך) ←. א'ע שטיוול. אַן א, פּנימל. „אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ קוואַרער, מיט אַ מיאוס

פּנים, מיט אַ לאַנגלעכן...ניט־א'ן נאָז,,, ג.
ה. לעוונער, זי באַשערטע פּאָר, ווילנע 1898.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעפּײַניקט — אַדי, פּאַר
אונטערפּײַניקן ←. די א'ע אַרעסטירטע. אַן א'ע
ווײַב. ־ערהייט — אָדוו. ־קייט.
אונטערגעפּיעשטשעט — אַדי, פּאַר
אונטערפּיעשטשען (זיו) ←. א'ע קינדער, ווי
די פּריצימלעך.
אונטערגעפּיקט — אַדי, פּאַר אונטערפּיקן
←. א'ע קערנדלעך. א'ע געדאַנקעלעך.
אונטעתעפּישט — אָדי, פּאַר אונטערפּישן
←. (אומאיידל) א'ע פּערענע. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעפּלאָגט — אַדי, פּאַר
אונטערפּלאָגן (זיך) ←. א'ע פֿון דחקות און
קראַנקייטן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעפּלאָנטערט — אַדי, פּאַר
אונטערפּלאָנטערן (זיך) ←. א'ע פֿעדעם. א'ע
קאָלדרע. א'ע רייד. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אונטערגעפּלאַצט — אַדי, פּאַר
אונטערפּלאַצן ←. א'ער פּאַלומיסיק. א, גלעזל. א'ע
נאָט. א'ער פּלאַן. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.

□ □

אונטערגעפּײפֿט

אונטערגעפּראַוועט — אַדי, פּאַר אונטערפּראַווען ←. א'ע יויך. א'ע ברעמען. אַן א, שטיקל אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעפּרייעט, ־געפּר□עט — אַדי, פּאַר אונטעופּרייען ←. א'ע פֿיס. א'ע קאַשע פֿאַרלײזיקטע העמדער, א'ע אין באָד.

.

אונטערגעפּרעגלט — אַדי, פּאַר אונטערפּרעגלען ←. א, הינדל. א'ע פֿיש. „אַ שיסל רײז...א, מיט שעפּסענעם שמאַלץ און מיט ציבעלע„, אמד, דער שאַץ מײסטער, ווילנע 1887. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעפּרעסט — אַדי, פּאַר אונטערפּרעסן ←. א'ע ווײסע העמדער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעפֿאַלן — אַדי, פּאַר אונטערפֿאַלו ←. סל. די א'ענע אונטער אַ סטאַטיאַ, = וואָס ווערן געמשפּט לויט אַ באַשטימטן פּונקט פֿון געזעץ.

אונטערגעפֿאַרבט, ־געפֿאָרבן — אַדי, פֿאַר אונטערפֿאַרבן (זיך) ←. א'ע האָר. א'ענע אויגן. א'ע נײַסן. א'ענער בראַנפֿן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אונטערגעסאָרן — אָדי, פֿאַר אונטערפֿאָרן ←. א'ענע בויך, פֿאַרשוינען. א'ענע כאַטע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעפֿוטרעוועט — אַדי, פֿאַר אונטערפֿוטרעווען ←. א'ער מאַנטל. א'ע קאַפּאָטע. *א'ע מאָרדע = טאָפּעלע, זייער דיקע. *א'ע שטיוול = וואָס מע האָט אַרײַנגעגעבן אונטער די כאָלעוועס וואָליק אָדער אַ האַרטערן סאָרט לעדער (די כאָלעוועס זאָלן זיך האַלטן שטײַף). „אַ ליפּ, א, מיט אַ שמאָל ליפּל„, ייִל. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעפֿוילט — אַדי, פֿאַר אונטערפֿוילן ←. א'ע פּראָדוקטן. „איך האָב מיר געקויפֿט פּירות פֿון ארץ־ישׂראל — באָקסערן און פֿײַגן און א'ע פּאָמעראַנצן“, ממוס, שטורעמצײַט. א'ע אידייען. „אויך די אַרמיי... איז אַ שפּאָר ביסל א', ניט בלויז פֿיזיש נאָר אויך מאָראַליש„, פּ. קאָנסטאַן, פֿאַש,

14 IX 1951. „די מאַמע...גייט אַראָפּ [אַן איַינגעבויגענע] פֿון די פֿינף קרומע, א'ע שטיגלעך פֿון געוועלבל“, מ. גראָסמאַן, היימיש, אַפּריל־מיַי 1961 ־ערהייט — אַדוו.

.

־קייט.

אונטערגעפֿיטערט — אַדי, פּאַר אונטערפֿיטערן (זיו) ←. א'ע גענדז. א, קעסטקינד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעפֿיַילט — אַדי, פּאַר אונטערפֿיַילן ←. אַן א'ער שליסל, נאָגל. א'ע תּפֿיסה־קראַטעס. אַן א, ווערק. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אונטערגעסיַיערט — אַדי, פּאַר אונטערפֿיַיערן ←. א'ע קלעפּ. א'ער המון. „אַ גאַנצע חבֿרה, שטאַרק א„ אַפּנים אַז זיי האָבן שוין געמאַכט אַ כוסע“, נאַד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעסיַיסט — אַדי, פּאַר אונטערפֿיַיפֿן ←. אַן א'ע מעלאָדיע. אַן אָפּגענאַרטער, אַן

א'ער. א, רענצל.

▯

אונטערגעפירט

-

אונטערגעסירט — אַדי, פּאַר אונטערפֿירן
←. א'ער חתן. א'ע מחותּנים. א'ער שותּף.
,,זייער אַ שיינער זאַל מיט געצאַצקעטע ווענט,
א, מיט געלע און מיט גרינע פּאַסן,,, שע,
'ווער ווייסט?, [די יודישע פֿרוי▯ו וועלט, 1902,
No 3]. ,,די באַקן שטאַרק געפֿאַרבּט, די
אויגן א, מיט גרינעם בלײַשטיפֿט,,, טמז, 1963
10 III. ,,אָנגעשמירטע פּנימער,
אַרײַנגעשטעלטע ציין, א'ע ברעמען", שע, בלאָנדזענדע
שטערן I. ,,די טונקעלע אויגן מיט די א'ע
רייפֿן זענען געוואָרן טיפֿער,,, אָפּאַ,
טענצערין. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטעתעפֿלאָכטן — אַדי, פּאַר

אונטערפֿלעכטן ←. א'ענע קוישן. א'ענע ווײדלען.
א'ענע ספּראַווע. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעפֿלאַסטעדט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿלאַסטערן ←. א'ע טראָטואַרן. א'ע
מאָרדע.
אונטערגעפֿלאַקערט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿלאַקערן ←. אַן א'ע שׂריפֿה. אַ פּנים, א,
פֿון רציחה. אַן א'ע שׂנאה. א'ער המוו.
־קייט.
אונטערגעפֿלויגן — אַדי, פּאַר אונטערפֿליִען
←. אַן א'ענער רויבפֿויגל. די א'ענע
אויטאָס. א, גליק. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעפֿלייצט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿלייצן ←. צעפֿוילט פֿון א'ן וואַסער.
־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעפֿליקט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿליקן ←. א'ע גענדז. אַן א, מלבֿושל. *אַן
א'ער = ווער עס האָט פֿאַרלוירן געלט אין
געשעפֿט, ווײַל מע האָט אים אָפּגענאַרט.
אַרויס פֿון שותּפֿס הענט אַן א'ער. ער איז
נעבעך גוט א'. ־ערהייט — אַדוו.
אונטעתעפֿלעקט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿלעקן ←. וואָס האָט אַ פֿלעק (פֿלעקן).
אַ קעלבל מיט אַ ווײַסן א'ן שטערן. אַרויס

פֿון געשלעג מיט אַן א, אויג. א'ע
רעפּוטאַציע. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעפֿעלט — אַדי, פּאַר אונטערפֿעלן
←. דאָס א'ע געלט.

אונטערגעפֿעל(ט)שט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿעל(ט)שן ←. אַן א'ע חתימה. ־ערהייט
— אדוו. ־קייט.

▯

אונטערגעסעסטיקט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿעסטיקן ←. א'ער דאַך. א'ע פּאָזיציעס.
א'ער אַרגו▯יִנט ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

▯
.

אונטערגעסעסערט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿעפֿערן ←. א'ע פֿיש. א'ע וויצן. ,,קלעפּ,
א, מיט בּיטערע לצנות,,, מר, לעבּנס־
בּאַשרייַבּונגען..., נ"י 1906. ־ערהייט —
אַדוו ־קייט.

▯ ▯

.

אונטערגעסראָרן, ־געסרוירן — אַדי,
פּאַר אונטערפֿרירן ←. א, וואַסער. א'ענע
אויערן פֿיס. א'ענע עפּל. א'ענע פּעטשאַ.

,

,,די פּאות פֿײַכטלעך, אַ ביסל א', הענגען
ווי סטרעמפּליעס, און דאָס פּנים פּריש,,,
ממוס, 'שבת'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

אונטערגעסרישט — אַדי, פּאַר
אונטערפֿרישן (זיך) ←. א, ברויט. אַן א, הויז.

, □6

מיט א'ע כּוחות. ,,נאָר אונדזערע האָבן
אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס און באַקומען נײַע
א'ע פּאָלקן,,, שע, מע□יות און פֿאַנטאַזיעס.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעצוואונגען — אַדי, פּאַר
אונטערצווינגען ←. אַן א'ע נסיעה, שליחות.
א'ער יאָ. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעצויגן — אַדי, פּאַר אונטערציִען
←. אַן א'ענער סך־הכּל. א'ענע אויגן. ,,אין
זײַן קליינעם טאַשנביכעלע...זײַנען געווען א,
פֿרישע 1,800 רובל רווח,,, בערג, אין אַ
פֿאַרגרעבטער שטאָט. ,,אַ שטאַלטנער און א'
ענער, אין יוכטענע שטיוול“, נאָטע לוריע,

סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אונטערנעצוימט — אַדי, פּאָר
אונטערצוימען ←. א'ע און אײַנגעהאַלטענע ווילדע
יונגען. א'ע בּרעגן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אונטעתעצונדן — אַדי, פּאַר אונטערצינדן
(זיך) ←. אַן א, הויז. אַן א, פּנים.
אַרויסלויפֿן פֿון אַ וויכּוח אַן א'ענער. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
מיט ז ײַ ן & ו ו ע ר ן. זײַן אָדער ווערן
זייער שטאַרק צעקאָכט, צעפּלאַמט, בּיז גאָר
אויפֿגערעגט. „מירל ווערט א':...שטאַרבּן וויל
ער, שטאַרבּן! ניין, איך וועל דיר נישט לאָזן
שטאַרבּן! , פּרץ, אַ קלעזמערס טויט'. „מירל
,
איז פֿון זײַן אַרײַנמישן זיך געוואָרן א',,,
בּערג, נאָך אַלעמען.
אונטערגעצופּט — אַדי, פּאָר אונטערצופּן
←. א'ע בּרעמען. „זײַן א, פּרא־אָדמדיק
בּערדל איז געבּליבּן שטעקן פֿאַרריסן צום
בּאַלקן,,, בּערג, בּײַם דניעפּער II. אַן א,
לעבּל ברויט. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
אונטערגעצוקערט — אדי, פּאַר

אונטערצוקערן ←. א'ע לעקעכער. א'ע ריידעלעך, קאָמפּלימענטן. „באַלד ווי דאָס קינד האָט באַקומען...סימנים פֿון...דעם קײַכהוסט...דאַרף מען אים באַלד געבן...טרינקען וואַרעמע א'ע מילך„, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש, די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887.

אונטערגעצייכנט — אַדי, פּאַר

אונטערצייכענען (זיך) ←. א'ע וועש, קאַלאָשן. [אַנשטאָט אונטערגעשריבן נר.] ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעצימבלט — אַדי, פּאַר

אונטערצימבלען ←. א'ער מאַרש. אַן א'ער זײַטמיר־מוחל. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעציקלט — אַדי, פּאַר

אונטערציקלען (זיך) ←. אַן א'ע חתימה. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעצירט — אַדי, פּאַר אונטערצירן ←. העמדער, א'ע מיט שפּיצן. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעצירעוועט — אַדי, פּאַר

אונטערצירעווען ←. „א'ע זאָקן„, ממוס, ווינטשפֿ. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעצערט — אַדי, פּאַר אונטערצערן

(זיך) ←. א'ע אַרעסטאַנטן. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטעתעקאָוועט — אַדי, פּאַר
אונטערקאָוועט ←. א'ע פֿערד. „דער שטעקן
זײַנער,...איז געווען א, מיט אַן אײַזערנעם קנאָפּ“,
פּ. רודאָי, טמז, 20 XII 1964.
אונטערגעקאַטשעט — אַדי, פּאַר
אונטערקאַטשען ←. אַן א'ע פּילקע. אַן א, פֿעסל.
„און דווקא באָרוועס, מיט א'ע הויזן“, שע,
פֿונעם יאַריד ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעקאָכט — אַדי, פּאַר אונטערקאָכן
(זיך) ←. אַן א'ע, ניט קיין אויסגעקאָכטע
זופּ. א'ע געמיטער. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעקאַלכט — אַדי, פּאַר
אונטערקאַלכן ←. אַן א'ער פּריפּעטשיק. א'ע וואַנט.
־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעקאַמט — אַדי, פּאַר
אונטערקאַמען ←. פּפֿ: ~געקעמט. א'ע וואָל צום
שפּינען. אַן א'ער קאָפּ האָר. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטערגעקאַקט — אַדי, פּאַר אונטערקאַקן

←. (גראָבֿ). א'ע פּאָדלאָגעס, הויזן,
בֿעטוועש. א'ע געשעפֿטן. א'ער שידוך. א'ער נאָמען.

אונטעתעקאָרמעט — אַדי, פּאַר אונטער▯
קאָרמען (זיך) ←. א'ע עופֿות. ־ערהייט
— אַדוו.

אונטערגעקאַשערט — אַדי, פּאַר
אונטערקאַשערן ←. א'ע פֿאָרהענגלעך. „אַ
פֿונאַנדערגעגאָסענע, נידעריקע פֿרוי, אין אַן...א'ע
קליידל, מיט א'ע אַרבל“, י. בֿודזאָהן, אַ
מע▯ה פֿון אַ רבֿ מיט אַ רבֿיצין, ווילנע 1895.
„זײַנע שיך זײַנען שמוציק, איין הויז א,
און איינע אַראָפּגעלאָזן“, מר III, נ„י 1908.

אונטערגעקוועטשט — אַדי, פּאַר
אדנטערקוועטשן (זיך) ←. א'ע מאָזאָליעס. א'ע
מאַראַנצן. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעקוילעט — אַדי, פּאַר
אונטערקוילע(נע)ן ←. א'ער האָן. *אַרויסלויפֿן
(אַרויסשפּרינגען) ווי אַן א'ער = אין אַ מצבֿ
פֿון גרעסטער צערודערונג. א'ער מסחר.
־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעקויפֿט — אַדי, פּאַר אונטערקויפֿן
←. אַן א'ער פּאָליציסט. „די רעגירונג, די
ריכטער, די טשינאָווניקעס אַלע זײַנען
געוועו...א, פֿון די רײַכע“, בּ פּײַגענבּוים, די

.

גאולה, נ„י 1893.   ־ערהייט — אַדוו.

־קייט — "די פּאָליטישע קאָרופּציע, די א,

פֿון די אַמטן„, באַש, פּאָר, 1964 I ו 6.

קו רגעקויקלט — אַדי, פּ

אונטערי

ען ←. פּפֿ: ~געקייק ט. א'ער

--

אד ן

שטיין. א, פֿעסל. א, פֿון בויכווייטיק. ־

ערהייט — אַדוו.

אונטערגעקוליעט — אַדי, פּאַר '

אונטערקוליען'. אָנגעשפּאַרט אויף (אַ) קוליע(ס).

מיט אַ צעכראָכענער פֿוס און א,.

אונטערגעקוקט — אַדי, פּאַר אונטערקוקן

←. אַן א'ע סצענע. אונטערטראָגן פֿונעם

א'ן און אונטערגעהערטן. ־ערהייט —

אָדוו.

אונטערגעקײַלעכט

אונטערגעקײַלעכט — אַדי, פּאַר

אונטערקײַלעכן (זיך) ←. א'ער סך־הכל. א'ער ראַנד.

פאַר
אונטערקײַקלען ←. פּפֿ: ~געקויקל
אונטערגעקײַק
ט.
לט — אַדי,

אונטערגעקילט — אַדי, פּאַר אונטערקילן
(זיך) ←. א, וואַסער. א'ע פֿיש. א, צימער.
א'ע באַציאונגען. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אונטערגעקלאַפּט — אַדי, פּאַר
אונטערקלאַפּן (זיך) ←. א'ע פּאָדקעוועס. א'ע
טשוועקעס. א'ע זײַטן. ,,זי איז געקומען צום רבֿ
מיט א'ע אויגן, מיט סימנים פֿון פֿינגער...
אויף אירע באַקן,,, ג. ח. לעוונער, דער
צווייענדיגער תּנאים, ווילנע 1897. ־ערהייט —
אַדוו.
אונטערגעקלונגען — אַדי, פּאַר
אונטערקלינגען ←. א'ענע פֿײַערלעכע טענער.
אונטערגעקליבן — אַדי. 1. פּאַר
אונטערקלײַבן ←. א'ענע זאַנגען. 2. צוגעשאָרן.
צוגעפּוצט. אַן א, בערדל. 3. פֿאַרשאַרצט,
פֿאַרהויבן אויף אויבן. אַן א'ענע קאַפּאָטע.
,,אין א'ענע קליידלעך זײַנען ביידע

געשטאַנען...און געהאָלפֿן...קלעפּן פֿון קעז און טייג די מילכיקע וועטשערע", בערג, 'אין איינעם אַ זומער'. 4. פֿאַרריסן אויף אויבן. ,,זי איז געשטאַנען אַקעגן...מיט בלאַסע א'ענע נאָזלעכער און ניט געהאַט דערויף וואָס צו זאָגן", בערג, אָפּגאַנג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעקליגלט — אַדי, פּאַר אונטערקליגלען זיך ←. א'ע רייד. ־קייט.

אונטערגעקלעמט — אַדי, פּאַר אונטערקלעמען ←. אַן א'ער פֿינגער. מיט אַן א, האַרץ. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

אונטעתעקלעפּט — אַדי, פּאַר אונטערקלעפּן ←. א'ע זוילן. אַן א'ער רובל. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעקלערט — אַדי, פּאַר אונטערקלערן (זיך) ←. אַ דערציילונג מיט אַן א'ן סוף. ־קייט.

אונטערגעקנאָטן — אַדי, פּאַר אונטער קנעטן ←. א, טייג. א'ענע בלאָטע. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעקנאַקט — אַדי, פּאַר אונטערקנאַקן ←. אַן א, גלעזל. *זײַן א, = דזוו

זײַן אונטערן גלעזל. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעקנייטשט — אַדי, פֿאַר
אונטערקנייטשן (זיך) ←. וואָס האָט זיך פֿאָרבויגן
אַהינטער. אַן א, בלעטל אין אַ נײַ־
אָפּגעדרוקטן בוך. אַן א, קליידל. אַן א'ער קאָלנער.
־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעקנײַפּט, ־געקניפּן — אַדי,
פֿאַר אונטערקנײַפּן ←. א'ע פֿאַררויטלטע
בעקלעך. אַן א'ע חלה.
אונטערגעקנעפּלט — אַדי, פֿאַר
אונטערקנעפּלען (זיך) ←. א'ער מאַנטל. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעקעכלט — אַדי, פֿאַר
אונטערקעכלען ←. אַן א'ע בת־יחידקעלע.

, 7

אונטערגעקעמט — אַדי, פֿאַר
אונטערקעמען ←. דזוו ~געקאַמט. א'ע האָר.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטעתעקערט — אַדי, פֿאַר אונטערקערו
←. א'ע חדרים. „האָט איר אָנגעטון אַ
גרויסן כאַלאַט מיט לאַנגע א'ע אַרבל„, מ.
ריבקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע

1914. ־ערהייט — אָדוו.
אונטערגעקראָכן — אַדי, פּאַר
אונטערקריכן ←. א'ענע ווערעם. א'ענע קינדער.
־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעקראַצט — אַדי, פּאַר
אונטערקראַצן (זיך) ←. אַן א'ע אויפֿשריפֿט.
־ערהייט — אַדוו.
אונטעתעקרימט — אַדי, פּאַר
אונטערקרימען (זיך) ←. א'ע שטאַכעטן. א'ע אָפּצאַסן.
מיט אַן א, פּנים. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעקריצט — אַדי, פּאַר אונטערקריצן
←. א'ע אותיות אויף האָלץ, שטיין. ־
ערהייט — אָדוו.
אונטעתעקרענקט — אַדי, פּאַר
אונטערקרענקען ←. אַן א'ע, אַן אָפּגעצערטע.

-

אונטערגעקרעסטיקט — אָדי, פּאַר
אונטערקרעפֿטיקן (זיך) ←. די א'ע וואַנדערערס
לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. א'ע באַוויײַזן.
אונטעתעראַמט — אַדי, פּאַר אונטערראַמען
←. פּפֿ: ~גערוימט. דזוו אויסגעראַמט.
א'ע צימערן. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגערויטלט — אַדי, פּאַר
אונטעררויטלען (זיך) ←. א'ער קאָרעקטור־בויגן.
א'ער איגטעלעקטואַל. פֿרגל ~גערייטלט.
־קייט.
אונטעתערוימט — אַדי, פּאַר
אונטעררוימען ←. פּפֿ: ~געראַמט.
אונטעתערונען — אַדי, פּאַר אונטעררינען
←. א, רעגן־וואַסער.
אונטערגעריבן — אַדי, פּאַר אונטעררײַבן
←. א'ענע הויזן. א'ענע קאַרטאָפֿל. א'ענע
זײַטן. וואול, א'ענע מוידן. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטעתעריטן — אַדי, פּאַר אונטעררײַטן
←. די א'ענע פּאַרטיזאַנער.
אונטערגערייטלט — אַדי, פּאַר
אונטעררייטלען (זיך) ←. א'ע באַקן. א'ע קאַרשן.
פֿרגל ~גערויטלט ־קייט.

▯

אונטערגערייניקט — אַדי, פּאַר
אונטעררייניקן ←. א'ע טעפּ.
או'נטערגערי'כט — דאָס, ־ן. דאָס
נידעריקסטע געריכט; נידעריקסטער שטאַפּל אין
דעם לייטער פֿון געריכטלעכע אינסטיטוציעס.
,,ווען מע קומט צום פֿרידנס־ריכטער, האַלט

מען ערשט בײַם א,,,.

אונטערגעריכטיק — אַדי. נעאָל. 1. וואָס געהער צו אָדער קומט אַרויס פֿון אונטערגעריכט. אַפּעלירן דעם א'ן פּסק צו אַ העכערער אינסטאַנץ. 2. דזוו אונטערגעריכטלעך ←.

אונטערגעריכטלעך — אַדי. וואָס איז

אונטערגעשאָסן

אונטער אַ געריכט, אונטער דער יוריסדיקציע פֿון געריכט. וואָס ווערט געמשפּט. ,,אַלע א'ע דאַרפֿן האָבן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו ווערן באַשיצט פֿון אַן אַדוואָקאַט,,. ־קייט.

אונטערגעריסן — אַדי, פֿאַר אונטעררײַסן (זיד) ←. 1. וואָס האָט באַקומען אַ קלײנעם ריס אָדער אַ ריס פֿון אונטן. א'ענע קאַפּאָטע. א'ענע תּחתּונים. 2. געריסן, געצויגן אויף אונטן. ,,איך וועל קומען אַהיים מיט רויטע א'ענע אויערן פֿון [מלמדס] הענט,,, שע, סע‎ יות פֿאַר ייִד, קינדער I.

3. וואָס האָט אַ בראָך, אַ שבֿר. אַפּט סוב. דער א'ענער = געבּריכטער, געבראָכענער. אַן א'ענער פֿון שלעפּן שווערע פּעק. ,,.— יאָ,

ער איז דאָך אַן א'ענער, איז ער אין אַרמײ
ניט אַװעק,,, י. פֿאַליקמאַן, סאָװ, הײמלאַנד,
1961. אױך װעגן בעלי־חיים מיט אַ װאונד.
,,צװישן די שײנע הינער שלעפּן זיך אום
צענדליקער קאַליקעס...א'ענע, דאָס רײסן זײ
זיך אונטער לײגנדיק“, דא, פֿון בערלין ביז
סאַן־פֿראַנציסקאָ, װאַרשע 1930.

4. װאָס האָט אָנגעװאָרן די פֿריִערדיקע
פּאָזיציע, פֿאַרלאָרן דעם פֿריִערדיקן שם;
אָפּגעשװאַכט. ,, אָזע, איז שױן געװען גרינדלעך

,

א▯ דערהױפּט אין צענטער“, נש, פֿגעז, װילנע
5 1923, No-▯.

5. אױסגעמאָגערט, אױסגעמאַרכעװעט, שלאַף.
,,אָ קליאַטשע מיט א'ענע היפּטן“, י. טריװאַקס,
,,בעל־עגלה־לשון“, בײ אונז יודן, װאַרשע
1923.

6. װאָס האָט ניט מער פֿריִערדיקע גײסטער.
קע כוחות. “דאָס איז געװען אַ
פֿאַרצװײפֿלטע▯ר רוף פֿון אַן א'ענער, זינדיקער נשמה,,,
סאָװ, הײמלאַנד, 5 1965, No. ־ערהײט —
אַדװ. ־קײט.
אונטעתערעדט — אַדי, פּאַר אונטעררײדן,

־רעדן ←. א'ע שטרײַקערס. ־ערהייט
— אָדוו. ־קייט.
אונטערגערעכנט — אַדי, פּאַר
אונטעררעכענען ←. א'ער חשבון, סך־הכּל. ־
ערהייט — אַדוו.
אונטעתעשאָטן — אַדי, פּאַר אונטערשיטן
←. א, זאַמד. א'ענער שניי ־ערהייט

.

— אָדוו. ־קייט.
אונטערגעשאָסן — אַדי, פּאַר אונטערשיסן
←. 1. וואָס מע האָט אויף דעם געשאָסן
פֿון אונטן אויף אויבן און געטראָפֿן. „שפּרינגט
אַרויס, ווי אַן א'ענער פֿויגל, פֿון בעט,
כאַפּט אויף זיך אַ קלייד„, פּרץ, 'קלאָץ־
געשיכטן'. „ווי אַן א'ענער פֿויגל אין
וואַלדגראָז, וויינט אין מיר אַלץ וואָס איז קראַנק
און שטאַרבט“, מלה II, נ„י 1934. „ער איז
געקומען צום וואָרט 'שלום', זײַנען זײַנע
הענט אָראָפּגעפּאַלן, ווי א'ענע פֿליגל„, מ.
דלוזשנאָווסקי, פֿאַש, 2 1953 I.
2. געטראָפֿן פֿון אַ קויל, פֿון אַ שאָס;
פֿארוואונדיקט פֿאַרבלוטיקט. אַוועקפֿירן די
—
,
א'ענע זעלנערס. „ווי אַ יעגער וואָס יאָגט

נאָך אַן א'ענעם הירש, וואָס איז אַנטלאָפֿן
געוואָרן,,, אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878. ,,האָט
דערזען בלוט, בלוט פֿון א'ענע...צעטראָטענע

אונטערגעשאָרן

מענטשן", שע, אין שטןרעם. ,,ער האָט זיו
אויפֿגעכאַפּט ווי אַן א'ענער...און אויסגעשריִען",
י. א. קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבן. אָפּט סוב.
,,פּלוצלונג כאַפּ איך זיך אויף ווי אַן א'ענער,
וואַש זיך וואָס גיכער איַן,,, סאָלאָמאָן
וואָיאַזשאָר, אַ שלוס...אין סאַלאַמאַנייעווקע, סלוצק
1911. *לויפֿן, אַוועקלויפֿן, אַנטלויפֿן ווי אַן
א'ענער = אין גרעסטער צערודערונג, ווי
אין דער גרעסטער סכנה, פּלוצעמדיק און אין
גרויס איַלעניש. אויך: (אויפֿ)שפּרינגען ווי
אַן א'ענער. ,,איז אַוועקגעפֿלויגן ווי אַן א'
ענער צו קאַרל אין בירהאַלע", י. בודזאָהן,
אַ געטראַיע וויַביל חלעבין, ווילנע 1892.
,,איך בין ווי אַן א'ענער האָז
אַרויסגעשפּרונגען פֿון דעם...וואַגאָן", מר I י, נ"י 1910.
,,זאָג איינעם אַ וואָרט..., וועט ער
אויפֿשפּרינגען ווי אַן א'ענער און דו ווערסט זיך
נישט אויסצאָלן", מוק, מיַנע באָגעגענישן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשאָרן — אַדי, פּאַר אונטערשערן (זיך) ←. פּפּ: ~געשוירן. א'ענע האָר, פּאות. „אַ נידעריקע, אַ קײַלעכדיקע, אַן א'ענע, מיט קלוגע אויגן„, שע, 'המן און זײַנע טעכטער'. „האָט זיך געשפּרייט אַ סטעזשקע פֿון גלאַט א'ענע תּבֿואה־וואָרצלען“, ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928. „אונדזערע פֿליגלען פֿון קרעאַטיווקייט זײַנען א',„ א. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל“אַ 1957. „הײַנטיקע צײַטן גייט מען אינגאַנצן אָן היטלען, נישט נאָר מיט א'ענע בּערד און צוגעשניטענע קאַפּאָטעס , חג, טמז, 23 X 1964. ווי אַ סובֿ: אַן א'ענע — אַ קורסיסטקע, אַ רעוואָ־־־־ לוציאָנערקע אָנהייבֿ 20. י„ה. ־ערהייט — אַדוו. קייט.
אונטערגעשאַרפֿט — אַדי, פּאַר אונטערשאַרפֿן ←. אַן א, מעסער. א'ע באַציאונגען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשוואומען — אַדי, פּאַר אונטערשווימען ←. א'ע קלעצער. דאָס א'ע שיפֿל. א, גליק. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעשוואָלן — אַדי. 1. וואָס איז

אַ ביסל אויפֿגעבלאָזן געוואָרן פֿון אַן אָנצינדונג. אַ צעקלאַפּטער, א'ענער קאָפּ. א'ענע פּיס. א'ענער האַלדז. 2. וואָס איז אַ ביסל געשוואָלן אָדער זעט אויס ווי געשוואָלן. א'ענע טײַו־ברעגן. א'ענע פּרײַזן. „די אויגן זענען געוואָרן א', מיט קישעלעך„, שע, אין שטורעס. „די א'ענע אויגן בײַ די יונגע מאַמעס וואָס האָבן נעכטן צו ליכט־בענטשן געוויינט“, ל. מלאך, אָפּפּאַל, וואַרשע 1922. „זי האָט געהאַט א'ענע אויגן פֿון וויינען“, חג, טמז, 29 XI 1963. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעשוועכט — אַדי, פּאַר אונטערשוועכן ←. א'ע הייליקייטן. „געפֿירט פֿון אַ ייִדן מיט אַ צעפּודעטע באָרד און פּאות, האַלבּ א„, מ, ב, ר, ך [מ. כּ„ץ], דער קאַראַבעלניקל, ווילנע 1900.

אונטערגעשוועקט — אַדי, פּאַר אונטערשוועקען ←. א'ער בנין. א'ע טראַדיציעס. „א, זײַנען די וואָרצלען פֿון מײַן בוים„,

אסתּר שומיאַטשער, אַלע טעג. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.
אונטערגעשוירן — דזוו אונטערגעשאָרן.
,,האָט זיך גאָר אַנדערש אָנגעטון. אויף דעם
אָרט פֿון דער היטל אַ צילענדער־הוט...די
באָרד א'", ש. בעקערמאַן, דעך זשענסקער
וואָפּראָס, אַדעס 1887. ,,דאָס...פּנים...אַ רונדס,
מיט...קליינע צוזאַמענגעדריקטע ליפּן מיט
גרויע א'ענע וואָנסעס", דא, פֿון בערלין ביז
סאַן־פֿראַנצימקאָ, וואַרשע 1930.
אונטערגעשטאָכן — אַדי, פּאַר
אוגטערשטעכן ←. א'ענע חזרים. א, פֿון
אַרײַנזאָגענישן. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעשטאָלט — אַדי, פּאַר
אונטערשטאָלן (זיך) ←. נעאָל. ספּעצ וואָס האָט
(זיך) אויסגעאַרבעט אַ שטאַרקן ווילן, מוט.
א, אין שווערן נסיון. ־קייט.
אונטערגעשטאַמלט — אַדי, פּאַר
אונטערשטאַמלען ←. א'ע רייד. אַן א, עדות־זאָגן.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשטאַנען — אַדי, פּאַר
אונטערשטיין ←. א'ער ווײַן. ־קייט.

אונטערגעשטאָפּט — אַדי, פּאַר

אוגטערשטאָפּן ←. א'ע פֿייגל. א'ע זאָקן. א'ע

אינדיקעס. ־ערהייט — אָדוו.

אונטערגעשטויסן — אַדי, פּאַר

אונטערשטויסן (זיך) ←. א'ענע פּילקע. א'ענע מצה.

דער א'ענער אַרויסצוטרעטן מיט טענות.

־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעשטונקען — אַדי, פּאַר

אונטערשטינקען ←. א'ע אייער, פֿיש. ־ערהייט

— אַדוו. ־קייט.

אונטערגעשטופּט — אַדי, פּאַר

אונטערשטופּן ←. אַן א'ע מתּנה. „דער אידעאַל

איז ערשט יעמאָלט עפּעס ווערט, ווען ער

איז...ניט אַן א'ער, אַן אָנגעקלעפּטער, אַ

פֿאַרטיק געגעבענער„, ימ, איינהייטלעכע

פֿאָלקשול, 1922. „דער אונטערגאַנג פֿון ייִדיש איז

אַ גוט־אָרגאַניזירטער, אַן א'ער, אַן אונטער

געאײַלטער“, יג, טמז, XI 1964 13. ־ערהייט

— אַדוו.

אונטערגעשטיין — דאָס (דע ▯). מצ נבֿ.

דאָס געשטיין וואָס געפֿינט זיך אונטער דער

אייבערשטער פֿלאַך פֿון דער ערד.

אויספֿאָרשן דאָס א..

אונטערגעשטייניקט — אַדי, פּאַר

אונטערשטייניקן ←. א'ע בּריק.
אונטערגעשטײפּט — אַדי, פּאַר
אונטערשטײפּן ←. אַן א'ער קאָלנער. א'ע פּאָזע.
אַן א'ער פּקיד. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
.
אונטערגעשטיצט — אַדי, פּאַר
אונטערשטיצן ←. ספּעצ 1. וואָס איז געמאַכט
מיט אַן אָנשפּאַר; אונטערגעשפּאַרט. א,
בּיימעלע. 2. וואָס קריגט שטיץ, הילף. א'ע
אָרעמע קרובֿים. 3. צוגעשטימט. א'ער
פֿאָרשלאָג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשטיקט — אַדי, פּאַר
אונטערשטיקן ←. ספּעצ 1. צוגעשטיקט פֿון אונטן.
א'ער פּרוכת. 2. אונטערגעדריקט. א'ע
בּאַגערן. 3. בּכּיוון געמאַכט נידעריקער,

שטיאונטערגעשימלט

לער. מיט אַ הייזעריק אוו א, קול. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעשטעל — דאָס (דער), ־ן. 1. כּלי
אָדער אָנשפּאַר וואָס מע שטעלט אונטער.
אַן א, פֿאַר דער הייסער פֿאַן. 2. אַנשטאָט
הינטערגעשטעל. הינטערטייל פֿון אַ וואָגן, אַ

בּויד. מעג. 3. הינטערשטע אַקס. ל2.
אונטערגעשטעלט — אַדי, פּאַר
אונטערשטעלן ←. 1. וואָס מע האָט געשטעלט
אונטער עפּעס. „דאָס רעגן־וואַסער רינט אַראָפּ
פֿון די רינוועס אין די א'ע כּלים“, רייד.
„זי שיט איר אויס די פּלעצלעך אין דער
א'ער שערץ“, פֿ. גוטערמאַן, מײַן שטעטל,
רמת־גן 1952. „דער בּעל־עגלה, פֿאַרוואָרפֿן
דעם קאָפּ אויף דער א'ער האַנט, די בּאָרד
צו דער סטעליע“, א. שעכטמאַן, סאָוו,
היימלאַנד, No 2 1962. *אַן א, פֿיסל = בּכּיוון,
כּדי מע זאָל אַרײַנפֿאַלן; פּאַסטקע. „האָט ער
געליטן פֿון שיקאַנעס, אינטריגעס און פֿון
א'ע פֿיסלעך„, נ. סווערדלין, טמז, 9 1964 I.
אַן א'ע קשיא.
2. וואָס מע גיט בּכיוון איינס פֿאַר עפּעס
אַנדערש בּכדי אָפּצונאַרן; געפֿעלשט. א'ער
חתן. „פֿאַלשע מעטריקעס, א'ע קאַליקעס [
געדונגען זיך צו שטעלן צום פּריזיוו אַנשטאָט
די אייגענע געזונטע קינדער]„, ייִפֿאָל, 1882
24 □ I. *א'ער מלאך = ווער עס גייט
פֿאַר אַ צווייטן דינען אין דער (צאַרישע □)
אַרמיי ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.   .

אונטערגעשטעמפּלט — אַדי, פּאַר
אונטערשטעמפּלען ←. א'ע דאָקומענטן. ־ערהייט
— אַדוו.
אונטערגעשטעקט — אַדי, פּאַר
אונטערשטעקן ←. ספּעצ 1. אַרײַנגעשטאָפּט.
אונטערגערוקט (בכּיוון, כּדי אָפּצונאַרן). א, פֿאַלש
פּאַפּירגעלט. 2 פֿאָרויסגערוקט, אַרײַנגערוקט.

.

אַ האַנט א, אין שפּאַרונע פֿון דער טיר.
3. אַרויפֿגעהויבן (און פֿאַרשטעקט אָדער
צוגעשפּיליעט בײַ די היפֿטן, עס זאָל זיך
האַלטן). אַן א'ע פּאָלע. „זי — אַ הויבע,
אַ געזונטע, אַ פֿעטע ייִדענע...און מיט
שטענדיק אַן א, קליידל, וואָס ס'האָבן זיך
אַרויסגעזען פֿון דעם אַ פּאָר גרויסע פֿיס אין
מאַנצבילשע גרויסע שטיוול“, שע ־ערהייט

— אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשטראָכן — אַדי, פּאָר אונטער
שטרײַכן ←. אַן א, וואָרט. „ווערט דער
א'ענער ווידערשפּרוך אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן„,
זשיט II ו, נ“י 1917. „געקליידט איז זי
געווען מיט א'ענער באַשיידנקייט„, נאָטע לוריע,
סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No. ־ערהייט

— אַדוו. ־קייט.

אונטערגעשטריכן — דזוו דפֿוו. „[ער] האָט...אַ קוק געטון אויף איר...און מיט א' ענע ווערטער געענטפֿערט“, ספּ, סודות.

אונטערגעשטריקט — אַדי, פּאַר אונטערשטריקן ←. אַן א'ע פּיאַטע אין וואָלענע זאָקן. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעשימלט — אַדי, פּאַר אונטערשימלען ←. א, בּרויט. א'ע אידייען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעשיקט

אונטערגעשיקט — אַדי, פּאַר אונטערשיקן ←. א'ער קונד, מעקלער. אַן א'ער אויסקוקער. „הויזירער...אַן א'ער...פֿון דעם ראַבּינער“, אמד, דער אָפּעקון, ווילנע 1872. „ווען זיי קלערן, אפֿשר איז דאָס אַן א'ער בּריוו„, מ. בּ. זאַבּיעזענסקי, די שוועדע צײַט II, וואַרשע 1887. „דער איזוואָזטשיק...קוקט זיו איַן ווער דאָס רעדט צו אים, טאָמער איז דאָס אַן א'ער“, שע, אין שטורעם. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעשלאָגן — אַדי, פּאַר

אונטערשלאָגן ←. 1. געשלאָגן פֿון אונטן; צוגעשלאָגן, צוגעקלאַפּט. א'ענע ברעטער.

2. צעבײַלט; וואָס האָט באַקומען קלעפּ. א'ענע זײַטן. „איינער...מיט אַ בײַטש און מיט אַן א, אויג„, שע, זומער־לעבן. „די אַלטע צעפּאַטשטע...מיט די א'ענע פּאָנאַרן“, סאיר קאַוויאָר, משיחס צײַטן, אַדעס 1913. „דאָס האָט אים געקאָטט רבי־געלט: אַ פּאָר א'ענע אויגן און צעקנעטענע זײַטן“, י. יאָפֿע, אין קעסלגרוב, מאָסקווע 1929. „געקומען דאַוועגען מיט א'ענע אויגן, און דער עולם האָט אים געפֿרעגט: ווער האָט אײַך צעשלאָגן?“, מוק, מײַנע באַגעגענישן.

*א'ענע א ו י ג ן = אויך: א) אײַנגעפֿאַלענע, מיט שוואַרצע ראַמען אַרום (אונטער) זיי. „אַזו קום איך מיט צובראכני גלידר, מיט בשווערניש מײַן הערץ, מיט אונטר שלאגני [אַרכ] אויגן אונ, איך רוף צו דיר אום דײַן דער באַרמקייט“, אַריה ליב בר, יהודה זעליגמן, תקוני המועדים, פֿיורוא 1729.

פֿון די טיפֿע א'ענע אויגן האָט שטענדיק „

געציטערט אַ באַהאַלטן שײַנדל„, פּרץ, חסידיש. „אונטער די אויגן איז בײַ איר געווען

שטאַרק בלוי, ווי א',,, בערג, נאָך אַלעמען;
ב) דזוו פֿאַרשטאָכענע אויגן אָדער וואָס זעען
כלומרשט ניט. ,,נעמן אלי שוחד...זוא שטעלט
ער זיך פֿר דיא לײַט מיט אונטרגשלאגני
אויגן,,, הבחור חנוך בר, צבֿי הירש [איבז],
אגרת בעלי חייס, הענא 1718. *(אַרויס) מיט
אַן א, אויג = אויך פֿיג. לײַדט אַ מפּלה,
ווערט געדריקט. "דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דעם
אונטערדריקטן פֿאָלק גייט ת־יד אַרויס מיט
אַן א'ענעם אויג", זשיט I־, נ,,י 1917.
3. וואָס האָט אַן אונטערשלאַק;
אונטערגעבעט. א, מ י ט זײַד. ,,סאַמעטענע שובקעס
מיט פֿוקס א,,,, י. י. ווײַסבערג, ייִפֿאָל,
41 1882, No. ,,ער גייט אָנגעטאָן עפּעס אַ
מאָדנע כאַלאַטל, אויף קעץ א', כאָטש ס'איז
נאָך וואַרעם אין דרויסן,,, שע, פֿונעס יאַריד.
,,דער הימל איז הײַנט געמאַכט ניט נאָר
פֿון בלויען, ער איז א, מיט דינע
פֿעדערוואָלקנס,,, סאָוו, היימלאָנד, 5 1965, No.
*א, מיט הונט (הינט) [כלומרשט מיט
אונטערשלאַק פֿון הינטענע פֿעלן] = איר, איז
שלעכט, איז ווי אָ הונט. ,,אַז מען איז
אַליין א, מיט הונט דאַרף מען קיין פּעלץ
ניט", שוו. ,,קומענדיק אַהער אויף דער וועלט,

איז דעם מענטשנס נשמה אַ גאָלד — אָדער
א, מיט הינט“, ממוס, שלמה.
*א, מיט ווינט = שפּאַסיק, וואָס איז אָן
אַן אונטערשלאַק. „מײַן ליטעראַרישער פּאַלטאָ

, 9

איז א, מיט ווינט, און דער קילער מאָרגן
גנבֿעט זיך אַרײַן אין אַלע גלידער“, פּרץ,
'אין פּאָסט־וואָגן'.
4. אונטערגעפּוצט. אונטערגעשטיצט,
אונטערגעלענט, אונטערגעשפּאַרט. אָפּט פּיג. וואָס
האָט דעם הינטערגרונט פֿון עפּעס. „וואָס פֿאַר
אַ פֿאַרגעניגן וועט אַפֿילו איינער פֿון אַ
מיליאָן לעזער געפֿינען אין די צוויי אַלטע...
תּחינות, נאָך מיט לשון־קודש־תּלמודישע
הערות א'?„, ייִל, פּריטשעפּע, העפֿט I, אַדעס
1876. „דער פֿינצטערער נאַציאָנאַליזם, מיטן
אַנטיסעמיטיזם א'“, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. „בלתּי וואָס ער איז אַ ביסל א, מיט
גוי„, שע, שוועד צו זײַן אַ ייִד. „זײַנע
פֿעאיקייטן וואָלט ער...ניט פֿאַרביטן אויף
קיינעמס רײַכקייט, מיט [דעם נגידס] אַלע
צוקער־פֿאַבריקן א'“, בערג, בײַם דניעפּער.

„דער סטיל אַ פּאַסיק־שטאָלצער: תּנך, א, מיט 'כּה אָמר זאַראַטוסטראַ‚"', יואל ענטין, די שטימע פֿון טאָל, זב, נ„י 1940.

5 פּאַרוויַסט, צוגעפּראַוועט. א, מיט סמע.

טענע, מיט אַן איי. „אַזאַ זופּ, א, מיט אַן איי...אַנטהאַלט אַ סך מער...וויַסלעכן און איַזן ווי פֿלייש", ייִל איבּז, דר, א. א. יאַסינאָווסקי, אוים פֿלייש און פֿליישיקס, אַדעס 1909. „צוגעטראָגן אַ פֿריש גלעזל א'ענעם באָרשט...מיט סמעטענע", ח. י. פּערל, ליכט אין מאַדמאָרעש, ת"א תּשי„ח. „אַ שיינע סעודה פּריפּראַוועט מיט אייל און א, מיט האָניק„„ י. שיינבּערג, איק, פּסח תשט"ז.

6. אויסגענאַרט, אָפּגענאַרט; אַרויסבאַקומען (פֿאַרקאָנקורירט) מיט פֿאַלשקייט. א, פֿון שותּף. „א'ענע געלטער פֿון יתומים און אַלמנות„„ לאַט, מאַמאָן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אונטערגעשלייערט — אַדי, פּאַר אונטערשלייערן ←. אויך: פֿאַרשטעלט; פֿאַרפֿירט; אָפּגענאַרט. אַן א'ער, האָט ער פֿאַרשפּילט. ־ערהייט — אַדוו.

אונטערגעשמאָלצן — אדי, פּאַר

אונטערשמעלצן ←. א'ענע חנוכּה־ליכטלעך. א'ענע קאַרטאָפֿל פֿיג. „נײַס וועגן דעם קריזיס...א, מיט
.
דער וואָרענונג...„, ש. וויגאָדאַ, פֿאָר, 1964
15 III. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשמדט — [...געשמאַ'ט] אַדי, פּאַר
אונטערשמדן (זיך) ←. 1. דזוו געשמדט,
אָבער מיט איר בײַטעם. „אַן א'ער, האָט ער
בּסדר געזאָגט אַז ער איז אַ ייִד“, רייד.
„גרויסע פּוילישע כראַביעס...[וואָס] זייערע
זיידעס האָבן חתונה געהאַט מיט רײַכע א'ע
ייִדישקעס„, צײַט, טמז, 2 .1963 III l.
געפֿעלשט מיט צוגעגאָסענעם וואַסער [פֿיג, ווײַל
דאָס שמדן זיך איז פֿאַרבּונדן מיטן טויפֿן
זיך]. „ער איז בײַ אײַך געמלאָכהט [דער
ווײַן], מחילה א'“, שע, 'אַרבּע כּוסות'.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשמידט — אַדי, פּאַר
אונטערשמידן ←. א'ע פֿענצטער. א'ע פֿערד. אויך:
פֿאַרפֿעסטיקט, באַזירט. „מיט ווייניק
מאָטיווירונג, גיכער אינטואיטיוו איידער שׂכלדיק
אָדער פֿאַקטנדיק א'“, ימ, אין אַרײַנפֿיר צו

זשיט, געקליבענע ווערק, נ"י 1955. „
קאָנוואָאירן אין שטיוול, א'ע מיט גרויסע
קוואַדראַטע טשוועקעס", מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד,
3 1962, No. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשמיסן — אַדי, פּאַר
אונטערשמײַסן ←. א'ענע פֿערדלעך. בלעטער, א'
ענע פֿון ווינט. אויך: אונטערגעיאָגט. א, ביַי
דער אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשמיצט — אַדי, פּאַר
אונטערשמיצן ←. 1. אונטערגעשמיסן מיט קליינע
שמיצלעך. אַן א, ייִנגעלע. 2. אונטערגעשאָרן,
מיט אַ שפּיץ. „דרײַ פאַרשווינדלעך, יונגעלײַט
מיט א'ע בערדלעך, שפּילן אין פּרעפֿעראַנס",
שע, 'וואָס איז חנוכּה'. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
אונטערגעשמירט — אַדי, פּאַר
אונטערשמירן ←. א'ע באַקן, אויגן. אַן א'ער
פּריפּעטשיק. א'ע מצה = אַ ביסל באַשמירט
מיט פּוטער, קעז. אויך: וואָס האָט
באַקומען שוחד, כּאַבאַר. א'ע פּאָליציי. "ווען דאָס
שפּיגלגלאָז זאָל נישט זײַן מיט דער
זילבערמאַסע א', האָט מען געקענט דורך דעם

שפּיגלגלאָז דורכזען אַלע פֿאַרבײַגייענדע מענטשן
אַזוי ווי דורך אַלע פֿענצטער־שויבן“, ספֿר שבֿחי
רמ״ל, לעמבערג [יאָר]. „ער ווייסט ניט אַז
דער זשאַנדאַר אַליין איז אויך אַן א'ער„,
שע. „ס'רובֿ פֿון זייערע קריטישע אָפּרופֿן
זײַנען ,א'ע', זייערע אָפּשאַצונגען האָבן זיו
געהאַלטן אויף שוחד, אויף לא־יחרץ־געלט“,
א. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל„אַ 1957. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשניאָשקעט — אַדי, פּאַר
אונטערשניאָשקען ←. א'ע מחותּנים. אויך:
~שנאָצקעט. „אַ ביסל בין איך געווען,
ווי מע זאָגט, א,...איז אַרויסגעקומען
גרויסע צרות„, עוזר בלאָשטיין, דער נײַ
מאָדישער חתן, ווילנע 1897. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעשניטן — אַדי, פּאַר
אונטערשנײַדן ←. אַן א'ענער זײַל. פֿאַלן ווי אַן א'ע
נער. א'ענע פּרײַזן. א'ענע זאַגאָטאָווקעס. „דער
בוהײַ איז מיטאַמאָל אומגעפֿאַלן ווי אַן א'
ענער בוים“, ש. ביקל, איק, פּסח תּשט״ז. „
זייערע פֿליגלען זײַנען געווען א, צו פֿליִען צום
הימל, דעריבער איז בײַ זיי [די גריכן]
געווען דער באַרג אָלימפּ אַ מין הימל„, אי

יהודי [לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטער
בּורג 1900, No 17. *א'ענע יאָרן =
אָפּגעפֿינצטערטע, פֿאַרלוירן־געגאַנגענע. „איבּער
צוועלף יאָר מיט דבֿורהן, אַפֿילו קיין קינד
ניט, הייסט עס אויך א'ענע יאָרן, מ.
דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 27 XII 1959. ווי אַ סובּ.
א'ענער = אומגעבּראַכטער. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשנײַצט — אַדי, פּאַר
אונטערשנײַצן ←. א'ע ליכט.
אונטערגעשניצט — אַדי, פּאַר
אונטערשניצן ←. אַן א'ער פֿלאָקן ־ערהייט
.

— אַדון.

אונטערגעשעסט — דאָס, ־ן. בּײַגעשעפֿט.
אומלעגאַל געשעפֿט וואָס איז עטאַבּלירט בּײַ

אונטעתעשפּאָלטן

אַ לעגאַלן (כּדי ניט צו צאָלן שטײַערן, צו

האַנדלען מיט סחורה וואָס איז קאָנטראַבאַנד
אע). „ער לייגט צו צום געשעפֿט און
פֿאַרדינט גראָב פֿון א',„ רייד.
אונטערגעשפּאָלטן — אַדי, פּאַר
אונטערשפּאַלטן ←. א, גלאָז. אַן א'ענע פּאַרטיי.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשפּאַרט — אַדי, פּאַר
אונטערשפּאַרן ←. אַן א'ער אַלטער פּלויט. א, מיט
באַווײַזן. „אירע טויטע בלייכע באַקן זײַנען
געווען א, מיט אירע ביידע הענט“, ג. י.
ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. „די
מאַמע שטייט אַלץ א, דעם קאָפּ, און הייסע
טרערן גיסן זיך איר פֿון די אויגן,„ בן־עמי,
ייִפֿאָל, 1888' No 1. „[גאָט] גייט אויף די
פֿליגל פֿון ווינט, א, ניט מיט קופּערנע זײַלן
נאָר מיט זײַלן וואַסער“, תּנחומא, בראשית,
וואַרשע תּרמ„ו. „דער תּלמיד זיצט א, אויף
ביידע הענט מיטן קאָפּ און הערט“, פּרץ,
חסידיש. „אַבֿרהם, האַלב־ליגנדיק, א, מיט
קישנס“, א. שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 1962,
No 2. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשפּאָרט — אַדי, פּאַר
אונטערשפּאָרן ←. אַן א'ער גרײַצער. ־ערהייט —
אַדמ.

אונטערגעשפּילט — אַדי, פּאַר
אונטערשפּילן ←. א, צום טאַנץ. אַן א'ע קאָרט. א'ער מזל. אַן א'ע זאַך = בכּיוון
אונטערגעשטעלטע זאַך, מע זאָל אַרײַנפֿאַלן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשפּרונגען — אַדי, פּאַר
אונטערשפּרינגען ←. א'ע טענצערין. די א'ע פֿון גרויס גליק. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעשפּרייט — אַדי, פּאַר
אונטערשפּרייטן ←. א'ער טישטעך. א'ע נעץ. א'ע טישן. „ניט געפֿילט דעם א'ן שטעכיקן שטרוי אונטער זײַנע זאָקן“, חנ, ‚דער פּרוש‘.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשפּריצט — אַדי, פּאַר
אונטערשפּריצן ←. א, וואַסער. א, מיט האַס. ־ערהייט — אַדוו.
אונטעתעשראָקן — אַדי, פּאַר
אונטערשרעקן ← א'ענע קינדער. א, פֿון אַ סטראַשוניק. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגעשרויפֿט — אַדי, פּאַר
אונטערשרויפֿן ←. א'ע פֿיסלעך. א'ע, אונטערגעהעצטע פּויערים. ־ערהייט — אַדוו.
אונטערגעשריבן — אַדי, פּאַר
אונטערשרײַבן ←. א, בילד. א'ענער קאָנטראַקט,

פּסק־דין. „אויפֿגעמאָלט ווי די מרגלים
טראָגן אויף דראָנגען אַ גרויסן בונט ווײַנטרויבן
און א, מיט גרויסע אותיות,„ עט, סערקעלע.
„באַקומען פֿון קיסר ,פּערווילעגן, [=
פּריווילעגיע]..., א, מיט אַ חתימה פֿון אונדזער
קיסרס האַנט“, טעיאַטאָר. „מיר האָבן כּתבֿים,
א, פֿונעם רבֿ און פֿון די ראָשי־הקהל, אַז
מיר מעגן אַרומגיין איבער די הײַזער“,
ממוט, 'נשׂרפֿים.. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אונטערגראָב — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערגראָבן. „

פֿאַרכלאָראָפֿאָר(71)

מירן דאָס קינד און עס אַרויסטראָגן [פֿון
דער מאַלינע] אין אַ זעקל, דורך אַן א,
אונטער די דראָטן“, סוצ, ווילנער געטאָ, ב„א
1947.
אונטערגראָבונג — די, ־ען. אַקט,
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערגראָבן.
אונטערערדישער דורכגאַנג. אודח פֿאַרטײַטשט
'במחתּרת, (שמות, כב, 1) — א., „ער קען
אַפֿילו דורך אַן א, דורכקריכן“, ווײַס, 'ווי
דער גורל פֿירט'.

אונטערגראַבליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע) אונטער, ~געגראַבליע(ווע)ט. אַ ביסל צונויפֿנעמען מיט אַ גראַבליע. א, מיסט.
אונטערגדאַבלען — טרוו. ־בל אונטער, ~געגראַבלט. 1. גראַבלען פֿון אונטן אָדער צו ביסלעך. א, היי. א, דעם קוכן. 2. צעקראַצן מיט די נעגל. א, ס'טרייפֿענע פּנים. 3 פֿיג. א אַן אַלטע וואונד. ־עכ□ן. ־עניש.

. ,

אונטערגראָבן — דער, ־ס. גראָבן אָדער גרוב ספּעצ געמאַכט (זיך) אויסצובאַהאַלטן, געוויינטלעך פֿאַרמאַסקירט מיט עפּעס. געפֿינען דעם א'. „דאָ, אין א', בײַ דער וואַנט“, סוצ, ייִדישע גאַס.
אונטערגראָבן — טרוו. גראָב אונטער, ~געגראָבן. 1. גראָבן פֿון אונטן. מלל פֿאַרטײַטשט ,חתר בחשך בתים, (איובֿ, כד, 16): „אונטערגראָבט“, תּי: „זיי גראָבן אונטער אין דער פֿינצטער הײַזער„.. „איז גגנגין איין בחור אונ הט אונטר גגראבן אונטר די רעדר פֿון די (אילי הברזל)„, שי, ז, יט/א. “האָבן זיי אונטערגעגראָבן דאָס תּפֿיסה־הויז און זענען אַנטלאָפֿן געוואָרן“, נצ2, כו/ב. „חלילה וחס זאָלט דער איזל הערנר האבן, ער העט

דען עולם לענגשט אונטער גראבן,,, צוכט.
פֿאַרזייען דאָס פֿעלד מיט מינים ירקות וואָס
— ,,
מע באַדאַרף א', ווי למשל קאַרטאָפֿל, ריבן,
קרויט וכדומה,,, מ. וועבער, דער יודישער
פֿעלדאָרבײַטער, וואַרשע 1891. "פֿון
אַרומשערן די צווײַגן פֿון דעם אַנטיסעמיטישן
בוים מוז זיך דער בוים נאָך רײַכער
פֿונאַנדערוואַקסן; דער איינציקער מיטל...איז א, זײַנע
וואָרצלען,,, זשיט I, נ,,י 1917.
2. צעשטערן; בטל מאַכן דעם יסוד. מאַכן
וואַקלדיק. א, די טעטיקייט פֿון פֿאַראיין. א,
די הנחות פֿון אַ שיטה. "וויל די פּאַרטיי
פֿון די נישט־אַדעליקע גוטבאַזיצער, דורך
אויפֿהייבן די פּויערים גײַסטיק און
עקאָנאָמיש, א, די הערשאַפֿט פֿון די אַדעליקע",
וואָס ווילן די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רו
ולאַנד7, זשענעוו 1900. ,,גענוג אויף
אונטערצוגראָבן דעם וויסנשאַפֿטלעכן פֿונדאַמענט פֿון
דער מאַרקסיסטישער מעטאָדע", זשיט III,
נ,,י 1912. יוסף מאָרשן, חנוך לנער גיט אָן
מינווין ווי אַ סינאָנים צו א'. ,,כסדרדיקער
אַרויסשטראָם פֿון גאָלד קאָן א, דעם ווערט

פֿון דאָלאַר“, טמז, 18 XI 1960. „די...
רײַכקייט...גראָבּט אונטער דעם ייִדישן יסוד פֿון
אַמעריקע“, ש. בּן־י□tדאל, פֿאָר, 6 XII 1962.

3. אַרונטעררײַסן. א, יענעמס גוטן נאָמען, פּאָזיציע. א, מיט רכילות, העצעס, אינטריגעס. א, דעם צוטרוי צו דער מאַכט. ‟גראָבּט

אונאונטערגראַגערן

טער דעם צוטרוי צו דער צענטראַלער מאַכט„, יג, טמז, 18 IX 1964.

4. קאַליע מאַכן. שוואַכער מאַכן. א, דאָס אייגענע געזונט. א, אַ גוט געשעפֿט. ‟דאָס צו פֿיל קוקן אויף טעלעוויזיע גראָבּט אונטער דאָס געזונט פֿון די קינדער„, טמז, (□ 28 X 19.

5. אַרכ. פֿאַרגראָבּן, אײַנגראָבּן. „מן האָט דיא יהודים דשׂ זעלבּיג מאָל גבּרוכט, דשׂ מיינשׂטי אונטר דיא ערד צו גראבּן, אום צו פֿינדן דיא מינן דיא דער (שׂונא) אונטר גראבּן האָט“, שאַר, קכב/2. [נר „אונטערגראָבּט„ — „ווער עס אונטערגראָבּט דער פֿאַלט אַליין אין געמאַכטן גרובּ אַרײַן“, פּרק איבּז, קהלת].

־עכ⃞ן. ־עניש — „פֿרעגעניש, אַפֿילו
אין דער קלאָמפּערשט אונטערטעניקער
פֿאָרעם פֿון 'ילמדנו רבינו, איז דער אָנפֿאַנג
פֿון א', אַרונטעררײַסעניש“, א. גאָרדין,
יאָנאָווסקי..., ל„אַ 1957.
אונטערגראָבן זיך — ← דפֿוו 1. רעפֿל.
פֿאַרבאַהאַלטן זיך אונטער דער אייבערפֿלאַך פֿון
דער ערד. א, זיך אין אַ מאַלינע. „איז שוין
אַכל־שכּן דער רשע וואָס ער גראָבט זיך
אונטער אין באַהעלטעניש און טוט גניבֿות און
אַנדערע עבֿירות„, מחזור לראש־השנה,
סלאַוויטע 1832, כט/ב. „אַ גנבֿ אַז ער גייט
זיך א, אונטער אַ הויז בעט ער: ליבער
גאָט, העלף מיר„, ניסן לעווינסקי
משידלאָווצי, פּלך ראַדום, ⃞Iיחות ערבֿות, פּיעטריקאָוו
.1925
2. מאַכן פֿאַר זיך אַן אונטערגראָבונג.
וואַרטנדיק אויף אַן אָנגריף, האָט די ראָטע זיך
אונטערגעגראָבן. „זיא מאַכין זיך איין גרובּ
אונ, גראבּין זיך אוגטר אונ, אַנטלויפֿן אַוועק„,
נצ1, יט/בֿ.
3. דזוו אונטערגראָבן, ב2. „די פּראָפֿעסאָרן
פֿון בערלין, ימח שמם, שרײַבן, אַז דער
תּלמוד לערנט ייִדן אונטערצוגראָבן זיך

אונטער דער מלוכה און מאַכן איבערקערענישן, רעוואָלוציעס,,, חג, טמז, 1964 XI l3.
אונטערגראָבער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. פּפֿ: ~גרעבער. ווער עס גראָבט אונטער, אַלע בב. א, פֿון אייגענעם געזונט, פֿון אייגענעם געשעפֿט. ניט קיין מיטגליד, נאָר אַן א, איז ער! ,,א, פֿון רעליגיע“, בצג, טאָג, 9 1963 XI.
־ערײַ. ־יש — אַדי. צעשטערערישע, א'ע מעשׂים. ,,ווערט געפֿירט אַן א'ע אַרבעט נישט מצד די קעגנערישע פּאַרטייען, נאָר מצד [אַ טייל פֿון דער אייגענער פּאַרט] ,,, י. אַרטןסקי, אונזער צײַט, נאָוו,־דעצ, 1964. ־ישקייט.
אונטערגראַגען — אוטוו. ־גע אונטער, ~געגראַגעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט גראַגען, אַרויסברענגען קלאַנגען ווי אַ קראָ — גראַגראַ. 2 פֿיג פֿאָרויסזאָגן שלעכטס. זיך באַ. .
קלאָגן. א, ווי אַ בייזע קראָ(ע). ־עכ ן. ־עניש.
אונטערגראַגערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~געגראַגערט. 1. גראַגערן צו ביסלעך, פֿון

אונטערגראַטע(ווע)ן

צײַט צו צײַט. א, מיט די גראַגערס אַפּילו
ווען מע דאַרף ניט. 2. פּיג. אָנריידן אַ
פּולן קאָפּ מיט פּוסטע רייד, מיט רכילות.
,,וויי, וואָס זיי האָבן דאָ אונדז
אונטערגעגראַגערט!,,, רייד.
אונטעתראַטע(ווע)ן — טרוו. ־טע(ווע)
אונטער, ~געגראַטע(ווע)ט. אויך: ~
קראַטעווען. אַרײַנשטעלן (מאַכן) פֿון אונטן גראַטעס.
א, די פֿענצטער.
אונטערגראַטקע — די, ־ס. 1. אונטערשטע
גראַטקע. אַוועקשטעלן אַ כּלי אויף דער א'.
2. (שפּאַסיק) קינסטלעכע אונטערשטע ציין.
אונטערגראַטשען — טרוו. ־טשע אונטער,
~געגראַטשעט. פּד. פּלוצלינג, אומגעריכט
צעדראַפּען, צעקראַצן. א, עמעצן ס'פּנים.
אונטערגראַמען — אוטוו. גראַם אונטער,
~געגראַמט. נעאָל. איר בײַטעם. פֿון צײַט
צו צײַט שרײַבן גראַמען. א, און זיך האַלטן
מעשׂה פּאָעט. ־עכ□Iו. ־עניש.
אונטערגרוזען — טרוו. ־זע אונטער, ~
געגרוזעט. אויך: ~גרוזיען, ~גרוזעווען.
סל. אַרויפֿלייגן אײַליק אָדער פּאַמעלעך משׂא

אויף אַ וואָגן, אויטאָ אע. א, דעם לאַסטאויטאָ.
אונטעתרויזען — טרוו. ־זע אונטער, ~ געגרויזעט. מג. אונטערפּעסטיקן, ספּעצ פֿאַרריכטן לעכער אין אַ פּלויט מיטן אונטערפֿלעכטן צווײַגלעך, דראָט אע. „א, דעם פּלויט צום וועג צו„, מעצקער.
אונטעתרתט — דער, ־ן. 1. שיכט אונטער אַן אייבערפֿלאַך; אונטערשיכט. אונטערשטע פֿלאַכן פֿון דער ערד. א'־באַן = אונטערערדישע באַן, אונטערבאַן, מעטראָ, סאָבוויי. פֿאָרן מיט דער א'־באַן. 2. יסוד, פֿונדאַמענט. באַזיס. „ביִאָלאָגישע דערשײַנונגען בילדן דעם א, פֿאַר קלינישע סימפּטאָמען„, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. 3. פֿאַרהוילענער פּלאַץ אונטער דער ערד. זיך ראַטעווען, ליגן אין א'.
4. פֿאַרוווערטע באַוועגונג קעגן דער מאַכט (דעם פֿאַרכאַפּער, אײַננעמער, דיקטאַטאָרישן רעזשים אע). דער א, אין פֿראַנקרײַך בעת דער נאַצי־הערשאַפֿט.
5. דזוו הינטערגרונט. נר. „דער אונטערמענטש האָט אָפּאַטאָשון געדינט צו אַנטפּלעקן דעם א, פֿון כאַראַקטער„, ב. ריווקין, גרונטטענדענצן...

־יק — אַדי. „די א'ע וואַסער...קען אָנרירן
די וואָרצלען פֿון די ביימער„, רעד, אַגראָנאָם
מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע
.I)19

אונטערטרופּירונג — די, ־ען.
נידעריקערע גרופּירונג. די א, פֿון קאָלעקטיוו.
אונטערטרופּע — די, ־ס. גרופּע וואָס איז
אַ טייל (רעזולטאַט פֿון איינטיילן) פֿון אַ
גרעסערער. „אַ פֿאָלק קען פֿאַרמאָגן אין זיך
אַ גרויסע צאָל קלענערע א'ס“. „אַ גרעסערע
א, האַלט זיך ביים מוסטער פֿון צוויי טראַפֿן
אין אַ פּערזנפֿוס„, ח. ש. קאַזדאַן, ייִשפּ X,
2. „ישׂראל האָט אַן ערך צען פּאַרטייען
אָפֿיציעלע, אַחוץ...גרופּן, א'ן, צווישן־גרופּן„, צייט,
ט ון, 11 19 XII.

711

אונטערריזשען — טרוו. ־זשע אונטער,
~געגריזשעט. פּפֿ: ~גריז(י)ען. 1.
גריזשען פֿון אונטן. פּאַמעלעך, אַ לענגערע צייט
גריזשען, צעבייסן (מיט שאַרפֿע ציין) דעם
יסוד פֿון עפּעס. „ ער באַרג־האָ] גריזעט

אונטער די גראָז, און לייגט זיי אויס טריקענען אויף דער זון", בילדער פֿון טהיער לעבן, איבז, ווילנע 1898. „די טערמיטן האָבן אונטערגעגריזשעט דעם פֿונדאַמענט און דאָס הויז איז היינט בויפֿעליק„, י. העשעלעס.
2. פֿיג. אויסמאַטערן, אָפּשוואַכן מיט טענות, באַשולדיקונגען, פֿאָרוואורפֿן. ער קען א, ס'האַרץ.
3. שטיל, כסדר, באַהאַלטענערהייט אונטערגראָבן. א, דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים.
־עניש.
אונטערגרײַזלען — טרוו. ־זל אונטער,
~געגרײַזלט. צו ביסלעך מאַכן גרײַז(ע)־לעך, לעקלעך. א, די האָר. „פּאות וועלכע ער האָט זיי גייענדיק אונטערגעגרײַזלט, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן זיי זאָלן קירצער ווערן„,
צ. ז. רובינשטיין, דער שדעקלעכער קנסמאָל, אַדעס 1883. ־עניש.
אונטעתרײַזן — אוטוו. גרײַז אונטער,
~געגרײַזט פֿון צײַט צו צײַט מאַכן גרײַזן,
.
מאַכן פֿעלערן אין לעבן (בשוגג). „נאָך אַלעמען האָט באָאַז, זאָגט מען, אין זײַנע פּריאיקע שטודיעס פֿון אינדיאַנער־שפּראַכן אויך אונטערגעגרײַזט„, מוו, ייִשפּ 2 ,XIII־3. אויו:

אונטערזינדיקן. א, און דאָך זיך ניט נעמען
צום האַרצן.
אונטעתרייטן — טרוו. גרייט אונטער,
~געגרייט. 1. פֿאַרגרייטן. א, קוילן אויף
ווינטער. 2. סל. צוגרייטן. א, די ווײַטע
רײַזע. אויו מיט ז י ך. א, זיך צו עפּעס.
3. סאָוו. צוגרייטן באַצײַטנס, מיט אַ פּלאַן.
א, די פֿעלדער צום פֿאַרזיי. א, סטאַכאַנאָווצעס.
־עניש.
אונטערגרייכן — אוטוו. גרייך אונטער,
~געגרייכט. 1. גדייכן ביזן אונטן. א, ביזן
דנאָ פֿונעם ברונעם. 2. גרייכן ביזן אויבן.
אונטערשפּרינגען און א, אַ צווײַג.
אונטערגרילצן
— טר
לצערן. פֿון צײַט
וו. גרילץ אונטער,
~געגרילצט. פּפּ: ~גרי
צו צײַט, מיט איבעררײַסן און דאָך בסדר
גרילצן. א, עפּעס עמעצן אין די אויערן אַרײַן.
ניט זינגען נאָר א'. ־עניש.
אונטערגרימאַסעווען — אוטוו. ־סעווע
אונטער, ~(גע)גרימאַסעוועט. פֿון צײַט צו
צײַט מאַכן גרימאַסן, מינעס, העוויות. זיו

ניט קענען אָפּגעוואוינען פֿון א,.
אונטערגרימירן — טרוו. ־מיר אונטער,
~(גע)גרימירט. אויך מיט ז י ך. 1. אַ ביסל
גרימירן. גרימיר אונטער די נאָז. 2. אַ
ביסל פֿאַרשטעלן, אויספּוצן. א, דעם באַריכט.
אונטערגרימפּלען — טרוו. ־פּל אונטער,
~געגרימפּלט. 1. בלויז פֿון צײַט צו צײַט
און אומגעראָטן שפּילן אויף אַ סטרונע־
אינסטרומענט. א, דעם זעלביקן ניגון אויף אַ
באַלאַלײַקע. 2. אונטערהעלפֿן מיט אַן
אומגעראָטן שפּילן. זי זינגט און ער גרימפּלט
אונטער. ־עכץ. ־עניש.

אונטערדאָסן

אונטערגרינען — אוטוו. גרין אונטער,
~געגרינט. 1. מאַכן אַ ביסל גרין (גרינע). .
א, די בלעטער אויפֿן בילד. 2. צו ביסלעך
אָנהייבן גרינען. די ביימעלעך גרינען שוין
אונטער. 3. ווערן שימלדיק. א, ווי אַלטער
קעז. ,,ער איז שוין ניט גראָ, איצט גרינט
ער שוין אונטער,,, רייד.
אונטערגריסן זיך — אוטוו. גריס זיך
אונטער, זיך ~געגריסט. נעאָל. זיו באַגריסן

נאָר לפּנים, אומווילליק, גאווהדיק. „מיט מיר
באַגריסט ער זיך ניט, ער גריסט זיו נאָר
אונטער מיט עפּעס אַ שאָקל מיטן קאָפּ„,
רייד.
אונטערגרעב — די, ־ן. (שנײַדעריש) מאָס
בײַם בויך. נעמען, פֿאַרצייכענען די א'.
אונטערגרעבער — דזוו אונטערגראָבער ←.
־יש — אָדי. „די פֿעדעראַלע רעגירונג האָט
אים אַ▯רעסטירט אויף קלאַגעס פֿון א'ע
טעטיקייטן קעגן אַמעריקע“, פֿאָר, 1965 II ▯ 12.
אונטערגרעמפּליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע)
אונטער, ~געגרעמפּליע(ווע)ט. בהדרגה אָדער
פֿון אונטו אויסגרעמפּליע(ווע)ן ←. א אַ
גאַנ,
צן פּאַק וואָל.
אונטעתרענעץ — די (דער), ־ן. טייל פֿון
אָ גרענעץ. אומבולט באַצייכנטע גרענעץ. א'ן
אין שטח פֿון איין דיאַלעקט.
אונטערגרעפּצ(ע)ן — אוטוו. גרעפּץ(צע)
אונטער, ~געגרעפּצ(ע)ט. פּפֿ: ~גרעפּס(ע)ן.
אויך מיט ז י ך 1. צו ביסלעך גרעפּצ(ע)ן,
אַרויסלאָזן דורכן מויל גאַזן פֿון מאָגן.
ריידן א'צנדיק. 2. במקום־ווערב פֿאַר שלעכט
ריידן אָדער זינגען מיט אויסדרוק פֿון ביטול.

א אַן ענטפֿער, אַ טענה. א אַ לידל.

׳ ׳

־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערדאגהן — [...דײַגען] אוטוו. דאגה אונטער, ~געדאגהט. אויו מיט ז י ך. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט האָבן דאגות. ,,שוין אַ נאַטור אַזאַ: אונטערצודאגהן אַפֿילו ווען עס גייט אים גוט,,, רייד.

אונטערדאָיבען, ־דויבען — ← אונטער דאָלבען.

אונטערדאָלבען — טרוו. ־בע אונטער, ~ געדאָלבעט. פֿון אונטן אָדער בהדרגה אויסהאַקן אַ לאָך, אַ פֿאַרטיפֿונג מיט אַ דלאָטע אָדער ענלעכן אינסטרומענ אַביימל, אָבען

א פֿיסל פֿון אַ טיש. ~ך בײַ ייִל.

. א,

-

־עניש.

-

אונטערדאַמסן — טרוו. דאַמף אונטער, ~
געדאַמפֿט. צוגעבן דאַמף (ווייכער אָדער הייסער
צו מאַכן). א, פֿילץ. א אַ הוט פֿאַרן פּרעסן.

,

־ונג.
אונטערדאַנקען — טרוו. דאַנק אונטער, ~
געדאַנקט. כּלומרשט, לפּנים (בּאַ)דאַנקען, אָבער
פֿאַקטיש אונטערפֿירן, שטעלן אין
פֿאַרלעגנהייט. א, פֿאַר יענעם אין די אויגן, יענער זאָל
וויסן וועמענס קאָפּ עס איז דערבּײַ געווען.
אונטערדאָסן — טרוו. דאָס אונטער, ~
געדאָסט. גראָב. 1. (צום טייל) קאַליע מאַכן,
איבּערפֿירן. א, יענעם דאָס גאַנ ע געשעפֿט.
2. בּמקום־ווערבּ פֿאַר אונטערגנבֿענען,

אונאונטערדאָפּטשען

טערמסרן, אונטערשטעלן אַ פּיסל. „ער האָט אים געגלייבט ווי אַן אייגענעם טאַטן און יענער האָט אים אונטערגעדאָסט“, רייד.
3. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס ניט־גוט.
א, די אַרבעט. אויך: א, ביי דער אַרבעט.
4. באַשמוצן (מיט צואה). א, דעם ליילעך.
מיט ז י ך — 1. פֿון צייט צו צייט מאַכן אונטער זיך. א, זיך אין שלאָף. 2. זיך אָפּנאַרן, דורכפֿאַלן איבער אייגענער שולד.
א, זיך ביי אַ געשעפֿטל, ביים עקזאַמען.
3. במקום־ווערב פֿאַר אונטערחנפֿענען זיך, אונטערלעקן זיך. א, זיך צו דער באַלעבאָסטע.
־עכץ. ־עניש.
אונטערדאָפּטשען — ־טשע אונטער, ~ געדאָפּטשעט. פּפּ: ~דעפּטשען. ← אונטערטאָפּטשען.
אונטערדאַצן — טרוו. דאַץ אונטער, ~ געדאַצט. גראַבלעך. אונטערנאַרן, אויסנאַרן. (צייטנווייז) געווינען דורך שווינדל. א, דאָס געלט אין קאָרטן. א, דעם יאָלד.
אונטערדאָקטערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אונטער, זיך ~געדאָקטערט. זיך היילן צייטנווייז ביי דאָקטוירים. אויך מיט איר ביי טעם (אָנצוהערעניש אַז מע ליידט ניט פֿון אַ

קראַנקייט). זיך נאָכגעבֿן דעם שמד און
שפּעטער זיך א'.

אונטערדאַרן — אוטוו. דאַר אונטער, ~
געדאַרט. 1. ווערן דאַרער, מאָגערער (אַ ביסל
אָדער צו ביסלעך). א, ווי אַ הונט אין די
ניַין טעג. 2. פֿיג. ווערן איַינגעצויגן,
איַינגעשרומפּן. דאָס געשעפֿט דאַרט אונטער. אויף
דער עלטער דאַרט אונטער אויך דער מוח.
־ונג. ־עניש.

אונטערדאָרשטן — אוטוו. דאָרשט אונטער,
~געדאָרשט. אויך: ~דאַרשטן. 1.
ציַיטנוויַיז (צו ביסלעך) ליַידן פֿון דאָרשט.
אונטערהונגערן און א, אויפֿן וויַיטן וועג. 2 פֿיג.
.
פֿון ציַיט צו ציַיט באַגערן עפּעס. אין דער
איינזאַמקייט א, נאָך פֿריַינדשאַפֿטן. א, נאָך
וויסן, בילדונג.

אונטערדברן — [...דאַבערן] טרוו & אוטוו.
דבר אונטער, ~געדברט. רעדן, זאָגן וואָס
מע דאַרף ניט אָדער ניט ווי מע דאַרף.
אונטערזאָגן; אונטערהעצן; אונטערמסרן. א, וואָס
מע דאַרף פֿאַרשוויַיגן. א, אויף עמעצן פֿאַרן
מאַכטהאָבער.

אונטערדודלען — טרוו. ־דל אונטער, ~

געדודלט. 1. צײַטנװײַז שפּילן אויף אַ ד ו ד על ע, אַ פֿײַפֿל. א, אַ ניגונדל. 2. נאָכזאָגן (פּוסטע, באַנאַלע רייד). צושטימען (װײַל יענער איז אַ בעל־דעה). א, אַלע נאַרישקייטן.
3. אונטערפֿײַפֿן, אָפּנאַרן. ־עניש.
אונטערדודען — טרוו. ־דע אונטער, ~ געדודעט. ← דפֿוו, בב 1־2. [חילוק: שפּילן אויף אַ ד ו ד ע]. ־עניש.
אונטערדוכנען — [...דו'כענען] דוכן אונטער, ~געדוכנט. 1. אוטוו. איר פֿון צײַט צו צײַט איבעררײַסן די אַרבעט זיך אָפּצורוען. „— בײַ מיר אַרבעטן נאָר כּהנים. — װאָס הייסט נאָר כּהנים? — זיי דוכנען

טער“. 2. טרוו. אָנזעצן. אונטערבענטשן ←. א, עטלעכע הונדערט קערבלעך.
אונטערדונערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~געדונערט. 1. דריטפּערזאָניק. (שװאַך) דונערן פֿון צײַט צו צײַט. „ס'האָט שוין אונטערגעדונערט, באַלד װעט אַרויס אַ פּליוך“.
2. פֿיג. א, מיט באָמבאַסטישע רייד.
אונטערדורען — טרוו. דורע אונטער, ~

געדורעט. אוקר. □נ,r□,[□]□□],□,ni: □ □ >.
פֿאַרדרייען פֿאָרטומלען אַ קאָפּ. אונטערנאַרן,
אָפּ,
נאַרן. זיך לאָזן א, ווי אַ קליין קינד. מיט
ז י ך — אויך: אַ ביסל זיך מאַכן צום נאַר.
א, זיך און זיך אויסשטעלן צום לײַטישן
געלעכטער. ־עניש.
אונטערדזיובען — טרוו. ־בע אונטער, ~
געדזיובעט. פּפֿ: ~דזשובען. 1.
אונטערפּיקן, אונטערבײַסן, אונטערקניבלען,
אונטערדליבען. א, קערנער. א, שטיקלעך לעקעך.
2. עסן צו ביסלעך און ווייניק (ווי אַ
פֿייגעלע). א, עפּעס אָן חשק. 3. שלינגען קליינע
שטיקעלעך, עסן מיט אַן אָנצייַנערדיק מויל.
א, ווי אַן אַלטע באָבעצע. מיט ז י ו —
קזוו. זיך גריזשען, זיך יאַדען. "ניטאָ בײַ
זיי קיין שלום־בית, זיי האַלטן אין איין א,
זיך,,, רייד. ־עכ□ן. ־עניש.
אונטערדיאַלעקט — דער, ־ן. טייל פֿון
אַ ד אַלעקט. ,,אין דער אומאָפּהענגיקער
ליטי
ווישער מלוכה דאַרף מען אונטערשיידן
לכלהפּחות פֿיר (אָדער אפֿשר פֿינף) א'ן", ימ,
ייִפֿאַ, 9 1938, No.

אונטער די יאָרן — אַדוו פֿראַזע. 1. ייִנגער
וויִ מע דאַרף (ווי ס'איז אָנגענומען) עפּעס
צו טאָן אָדער אויף עפּעס מסוגל צו זײַן.
גיין דינען א, ד, י'. ,,אַך זיינן גאַר פֿיל
(חתונות) גווען דען יונגן פֿון צעהן יאַר
און, מיידכיש אונטר די יאדן האבן חתונה
גטאן,,, שאַר, קה. 2. אין די יאָרן פֿון...
(מיטן בײַבאַטײַט אַז מען איז געווען
אונטער אַ הערשאַפֿט). א, ד, י, פֿון אָקופּאַציע.
אונטער די ליפּן — אַדוו פֿראַזע. שטיל,
אומקלאָר. אונטער דער נאָז. "ווי פֿאַלט איר
עס אויס טאָן אַזאַ זאַך האָב איך אים אַ
זאָג געטאָן אַזוי א, ד, ל'", בנים מעיר קטנה,
מײַן ליבער גאַסט, באַרדיטשעוו 1901.
אונטערדינגען זיך — קזוו. דינג זיך
אונטער, זיך ~געדונגען. זיך דינגען אַ ביסל
וועגן אַ פּרײַז, וועגן תּנאָים (בײַ אַ קויף,
אַן אָפּמאַך). ,,געוויינטלעך קדיגן [זיי] ניט
וואָס זיי פֿאָדערן...מע דינגט זיך אונטער מיט
זיי אַ קאַפּעטשקע,, פֿאָר, 1964 ׳ י 9 ־עניש.

, .

אונטערדינען 1 — [לאַנגע י אין פּד] אוטוו.
דין אונטער, ~געדינט. 1. פֿון צײַט צו
צײַט (באַ)דינען. א, עמעצן [דאַטיוו] און

אונטערטראָגן אים וואָס ער דאַרף. 2. אַ קורצע צײַט דינען, אַרבֿעטן. א, נאָך אַ האַלבֿ יאָר און צונויפֿשלאָגן עטלעכע קערבֿלעך.

אונטערדינען 11 — [קורצע י אין פּד] טרוו. דין אונטער, ~געדינט. מאַכן דין אָדער דינער אַ ביסל אָדער פֿון אונטן. א, אַ ברעטל, אַ פֿלאָקן.

אונטערדעסן

אונטערדיפּלאָמאַטעווען — אוטוו. ־טעווע אונטער, ~דיפּלאָמאַטעוועט. איר. רעדן, פֿאַרהאַנדלען אויף אַ כמו □ דיפּלאָמאַטישן שטייגער. אַ ביסל דיפּלאָמאַטעווען. א, און ניט זאָגן גלײַך וואָס מע וויל.

אונטער די פֿליגל — פֿראַזע. < תּחת כּנפֿי... אויך: אונטער אַ שוץ, געשיצט פֿון, באַווירקט פֿון. זײַן (אַרונטערנעמען) א, ד, פֿ, פֿון אַ גוטן מלאך. „[די כּוזרי □] האבן אויף זיך גנומן אום דיא (תּורה) צו פֿאָלגן, אונ, זײַנן גגאַנגן אונטר דיא פֿליגל פֿון דיא (שכינה), דשׂ איז צו זאָגן זיא האבן זיך (מגייר) גווען“, שאַר, לו. „זײַן ריינע נשמה האָט זיך אומגעקערט צוריק צו איר שורש...א, ד, פֿ,

פֿון דער געטלעכקייט", ש. וויגאָדאַ, פּאָר,
.III 19 22(□
או'נטערדיק — אַדי. וואָס איז אונטער
עפּעס פֿון אונטן; נידעריק. די א'ע שיכטן,
,
קלעצער. ־יקייט — נידעריקייט,
הכנעהדיקייט.
אונטערדיריגירן — טרוו. ־גיר אונטער,
~דיריגירט. 1. פֿון צײַט צו צײַט
דיריגירן. „ער איז דער ערשטער פֿידלער אין
אָרקעסטער, אָבער פֿון צײַט צו צײַט דיריגירט
ער אויך אונטער„, רייד. 2. בּשתּיקה
אָנפֿירן עפּעס; אָנווײַזן (בּאַפֿעלן) וואָס צו טאָן.
„זײַן ווײַבּ האָט זיך געמישט, האָט אַלץ
אונטערדיריגירט, זײַנען מיר געוואָרן אויס
שותּפֿים", רייד.

דליבּעט. פּפֿ: ~דלובּען. אַרויסקריגן (פֿון
אונטערדליבּען — טרוו ־בּע אונטער, ~
גע.

אונטן) בּרעקלעך, שטיקלעך. א, דעם
פּורימקוילעטש. א, פֿון פּורים־קוילעטש די
ראָזשינקעס.

אונטערדעוואָניש — אַדי. (געאָלאָגיע) וואָס
איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו) דעם פֿריסטן
פעריאָד אין דער פּאַלעאָזאָאישער ערע, לויט
דער געאָלאָגישער צײַט־טאַבעלע. א'ע
שטיינפֿאָרמירונגען.
אונטערדעמאַגאָגעווען — אוטוו. ־געווע
אונטער, ~דעמאַגאָגעוועט. נעאָל. זיך
פֿאַרנעמען אַ ביסל מיט דעמאַגאָגיע. א, ערבֿ
וואַלן.
אונטערדעמפֿן, ־דעמפּן — טרוו. דעמף
(דעמפּ) אונטער, ~געדעמפֿט (~געדעמפּט).
1. אַ ביסל, מיט איבעררײַסן דעמפֿן (
דעמפּן). א, פֿלייש. א, ציבעלע אאַזוו. 2. (
מוזיק) מאַכן שטילער. א, די שטים בײַם זינגען
פּיאַניסימאָ. א אַ פֿידל, אַ בלאָז־אינסטרומענט
,
־ונג.
אונטערדע'ן — אַדוו. אַרכ. דזוו
אונטערדעסן ←. „מיט זײַנם רידן טוט גווינן
[צײַט] אונטר דען ביזן צו אַנטרינן“, ספֿר
משליס, פֿפֿדמ 1686.
אונטערדעסן — אַדוו. אַרכ. איצט דטשמ.
נר. אויך: אונטערדע'ס. אין דער
צווישנצײַט, דערווײַל, ביני־לביני, בינו־לבינו. „דיא

שומרי חזירים דיא עז גיפֿונדן האבֿין זעלטין
ניט האבֿין נוגע דראָן גוועזין...און, אונטר
דעסין איין שמירה דר בײַא גשטעלט האבֿין

אונטערדעפּעשירן

כּדי ניקשׂ מזייף זאָל זײַן,,, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669, [פֿש III]. ,,ווען זיא זאַט האבֿין גיגעשׂין...דא ווערין גירעט פֿיל דבֿרים בּטלים אונטר דעסין,,, ר, יהודה ליבֿ בּר, משה זעליחאָבֿר, שירי יהודה, אַמשט 1697. “א, האָט מען אונדז געבּראַכט זייער פֿיל מאַסלינעס, בּרויט און ווײַן“, קמ, 1866, No 22. ,,א, איז געוואָרן נאַכט“, י. בּאָוושאָוןער, בילדער און געדאַנקען.
אונטערדעפּעשירן — טרוו. ־שיר אונטער, ~דעפּעשירט. פּלוצלינג, אומגעריכט (מיט אַ ספּעציעלן מיין) שיקן אַ טעלעגראַם. א, דעם חתן אַז די חתונה איז אָפּגעלייגט.
אונטערדעק — די, ־ן. פּפֿ: ~דעקע.
1. פּד. שווערע און געדיכט געפּאַקטע פּערענע אויפֿן שטרויזאַק (אָדער האַרטן מאַטראַץ, אָדער בּרעטער). דער לײַלעך איז אויף דער א'. ,,אויפֿגעטרענט מיט אַ מעסער די

פֿעדערנע א, פֿון איר בעט, אַרײַנגעשטופּט דאָס קינד צווישן די פֿעדערן און עס צוריק פֿאַרנייט,,, אָפּאַ, שאָטנס'. ,,די כלה איז געבליבן ליגן אויף דער בלויזער א',,, באַש, פֿאָר, 2 .31 1959 I. פּאָד. לײַלעך אונטער דער קאָלדרע (אויב דער לײַלעך איז ניט צוגענייט צו דער קאָלדרע). 3. דעק(ע) וואָס קומט פֿון אונטן. אַן א, און אַן אייבערדעק אויף אַ בעט (אויך אויף אַ טיש).

אונטערדעק — דער, ־ן. נידעריקסטער דעק אָדער גאָרן פֿון אַ שיף. "מע האָט אַלעמען צוזאַמען אַרײַנגעטריבן אין אַ פֿינצטערן, שמוציקן א',,, י. קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבן. ,,דאָס עסן איז שלעכט און די באַהאַנדלונג דערמאָנט דעם אַמאָליקן א',,, דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.

אונטערדעקלאַמירן — טרוו. ־מיר אונטער, ~דעקלאַמירט. צײַטנווײַז דעקלאַמירן אָדער אַרויסזאָגן עפּעס מיט געקינצלטער וויכטיקייט. א, בײַם רעדן. אָננעמען די פּאָזע פֿון אַ טראַגיקער און א'.

אונטערדעקן — טרוו. דעק אונטער, ~ געדעקט. אונטערבעטן; אונטערלייגן (אַ לײַלעך, קאָלדרע אע). א, אַ געלעגער מיט אַ

פּאָר קאָלדרעס. א, דעם סדר־טיש מיט
עטלעכע טישטעכער. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אונטערדעקנס — דאָס. מצ נבֿ. דזוו
אונטערדעק(ע). „הייבט זיך אויף פֿון געלעגער
און קריכט איבער, האַלטנדיק אין איין האַנט
דעם א, אין דער צווייטער דעם אייבערדעקנס„,
א. לעבענזאָן, פֿון זאַוואָד אין באָד, ווילנע
.1893
אונטער דער האַנט — אַדוו פֿראַזע. פֿרגל
תּחת ידי, תּחת ידך. אויף צו קענען נעמען
(דערגרייכן) מיטן אויסשטרעקן די האַנט. די
מכשירים זײַנען א, ד, ה'. צעבערעכן אַלץ
וואָס איז א, ד, ה,. *קומען א, ד, ה, =
א) טרעפֿן, באַגעגענען. „זאָל ער מיר איצט
קומען א, ד, ה', צערײַס איך אים ווי אַ
הערינג“, רייד; ב) צופֿעליק זיך אָנשטויסן
אויף דעם. „די ייִדן בין איך נישט געגאַנגען
זוכן. זיי זײַנען מיר געקומען א, ד, ה'“,
אפֿא, טמז, 12 III 1964; ג) זײַן אין דעם

אַרום. „די מאַסקעס האָט מען געמאַכט פֿון
פֿאַרשיידענע מאַטעריאַלן. פֿון האָלץ פֿון

לע־
,   .
דער פֿון לײַוונט פֿון אַלץ וואָס איז
גע...
,
קומען א, ד, ה',,, א. יאַקובֿזאָן פֿאָר, 1964
,
.III 15
אונטערדערוואַקסן — אַדי. זן [
געווײַנטלעך: דערוואַקסן. ← אונטערגעוואַקסן]. וואָס
איז שוין (דערווײַל) אויסגעוואַקסן. פֿוליערק.
,,האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַן א'ענע, שוין
רעכט אין די יאָרן, אַריבער צוואַנציק'', שע,
יאָסעלע סאָלאָוויי.
אונטערדערוועגנס — אַדוו. אונטערוועגס,
אונטערוועגן, אונטערוועגנס. אין וועג, אין דער
צײַט פֿון פֿאָרן. ,,דער בעל־עגלה האָט איר
א, איר בלוט אויסגעזויגן און האָט איר
פֿאָרויסגעזאָגט...'' אפֿ''ס, אשת חיל, אייטקונען
1873. ,,זיי זײַנען אַ פּאָר טעג א, געווען
און זײַנען זייער לוסטיק געוואָרן'', מ. אחון,
סיפּור משני בעלי תּשובֿה, ווילנע תּרנ''ו.
אונטערדערכאַפּן — טרוו. איצ. אימפּ נבֿ,
~דערכאַפּט.   אויף גיך כאַפּן עפּעס וואָס
האַלט אין פֿאַלן. א, די פּילקע, די וואַזע,
דאָס קינד.

אונטערדעדלאַנגען — טרוו. ־לאַנג אונטער, ~דערלאַנגט. געבן, צוטראָגן, דערלאַנגען פֿון אונטן, אָדער (אַזוי ווי) געהיים צי מיט הכנעה, מיט שרעק. א, אינסטרומענטן. א, אַ בקשה.

אונטערדערלייגן — טרוו. ־לייג אונטער, ~דערלייגט. 1. צולייגן שטילערהייט, אַזוי ווי בשתיקה. צוגעבן אַ ביסל. א, נאָך אַ שטיקל פֿלייש אין טעלער. א, צו עפּעס כּך וכך. 2. דערלייגן, האָבן היזק פֿון צײַט צו צײַט, פֿאַרלירן צו ביסלעך געלט אין אַ מסחר. א אַ הונדערטער.

,

אונטערדערמאָנען — טרוו. ־מאָן אונטער, ~דערמאָנט. פּפֿ: ~דערסאַנען.
דערמאָנען אָדער אינפֿאָרמירן עמעצן וועגן עפּעס (אַזוי ווי) בשתּיקה, געהיים אָדער פֿון צײַט צו צײַט. אונטערזאָגן. א, דעם פּריץ וועגן חובֿ. א, דעם רעדנער וואָס צו זאָגן.

אונטער דער נאָז — אַדוו פֿראַזע. ←
אונטער. 1. גאָר נאָענט לעבן זיך. האָבן עפּעס א, ד, נ, און ניט זען. צוגנבֿענען פֿון א, ד, ג,. „— ער וויל מע זאָל אים צוטראָגן, דערלאַנגען א, ד, נ"“, רייד. 2. (וועגן קלאַנגען) אומקלאָר, שטיל. „אַז מע וויל אין דער זאַך

גוט מעיין זײַן — האָט דער רבֿ צוגעבּרומט
א, ד, נ,..." ל. בּינשטאָק, בּײַ ר, שלמה
בּערלינער, לוואָוו 1896. „זײַן קאָפּ טרייסלט
זיך...און דערבּײַ בּרומקעט ער עפּעס...א, ד, נ',,,
בּ. שאַפּיר, אַ ים רהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.

אונטערדערנאָזיק — אַדי. נעאָל. ← דפֿוו.
„האָט מען אָפּט געהערט זײַן מיטל־
וועסטלעכן, אַ בּיסל א'ן אַקצענט,,, לע, טמז, 1955
21 XII.

אונטערדערנערונג — די, ־ען.
דערנערונג, בּאַשפּײַזונג וואָס איז ניט גענוג,
ווייניקער ווי מע דאַרף. כראָנישע א'. „א',
שלעכטע מילך, ווייניק פּוטער, ווייניק פֿרישע
גרינס...,,, פֿגעז, ווילנע 7 l929, No.

אונטערדרוק

או'נטערדערנע'רט — אַדי. פּאַר
אונטערדערנע'רן, ← דוווו. וואָס בּאַקומט ווייניקער
שפּײַז, (דער)נערונג, ווי מע דאַרף קריגן צו
זײַן פֿולקום געזונט און זיך גוט אַנטוויקלען.
„מע וואָלט געקענט מיינען אַז די ייִדישע
סאָציאַלע מעדיצין דאַרף זיך פֿאַרנעמען בּלויז
מיט א'ע קינדער און ניט מיט קיין
איבּערדערנערטע,,, פֿגעז, פּאַריז l949, No l2. ,,

אינדיע, וועלכע איז אויף דער ליסטע נומ, איינס
צווישן די א'ע לענדער,,, ש. איזבאַן, טמז,
.I 19□5 21

אונטערדערנע'רן — טרוו. איצ. אימפּ נבּ,
~דערנערט. ← דפֿוו. שפּײַזן, נערן מיט
וויינקער ווי מע דאַרף. א, די יתומים.

אונטערדערערדיק — אַדי. פּפֿ: ~
דרערדיק. וואָס איז אונטער דער ערד. א'ע
שטראָמען. געהיימע, א'ע באַוועגונג. ־יקייס.

אונטערדערערדיש — ← אונטערערדיש.

אונטער דער פּאָלע — אַדוו פֿראַזע. אויך:
ספּעקולאַנטן...פֿון א, ד, פּ, שוין פֿאַרקויפֿן
אומלעגאַל. בשתיקה. „צו יענער צײַט פֿלעגן

-

פֿאַרשידענע עסנוואַרג“, ש. גינזבורג, צוק,
מאַרץ 1936. „דער פֿאַרקויף פֿון שנאַפּס א,
ד, פּ, און ספּעקולאַציע מיט וואָדקע אויפֿן

שוואַרצן מאַרק..., פֿאָר, 21 XI 1963.

,

אונטערדערפֿרייען — טרוו. איצ. אימפּ
נבֿ; ~דערפֿרייט. דערפֿרייען אַ ביסל אָדער
פּלוצלינג. א, דעם פֿאַראומערטן מיט אַ
גוטער בשׂורה.

אונטע
פֿון דער צײַט. ביני־לביני. ,,א, ד, צ,
ר דער צײַט — אַדוו פֿראַזע. אין

--

משך

— ל שטעט אום וועגן אַ שידוך פֿאַר זײַן
זײַנען געקומען צום [רבֿ] פּיל בריוו פֿון
פֿי
טאָכטער,,, מרדכי און אסתּר, וואַרשע 1842.
,,יעקל האָט זיך א, ד, צ,...דאָס ערשטע מאָל
געפֿילט אַז ער איז אַ יתום", יהל, די
אומבאַקאַנטע פֿאַרליבטע, וואַרשע 1901. ,,א, ד, צ,
וואָס זי האָט בײַ דער קרעמערקע פֿאַרבראַכט
איז איציק געוויס געקומען", י. בודזאָהן,
דער גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927.
אונטערדראַזגען — ← אונטערדרוזגען.
אונטערדראַטוען — טרוו. ־ווע אונטער,

~געדראַטוועט. פּפֿ: ~דראַטעווען. (
שוסטעריש) אונטערנייען (אַ זויל) מיט דראַטווע.
א, די זוילן.
אונטערדראָטן — טרוו. דראָט אונטער,
~געדראָט. פּפֿ: ~דראָטעווען.
צוניפֿפֿעסטיקן עפּעס מיט דראָט (פֿון אונטן אָדער
אַ ביסל). א אַ טאָפּ.

,
אונטערדראַקען — טרוו. ־קע אונטער,
~געדראַקעט. אונטערטענטלען. שלעכט,
מיאוס אונטערשרײַבן. א, קאָטשערעס מיט
לאָפּעטעס. ־עכ ן.
אונטערדרודלען — טרוו. ־דל אונטער, ~
געדרודלט. אונטערהעצן; מאַכן מע זאָל ווערן
ברוגז, אָנגעדרודלט אויף עמעצן. א, (ש)
מוניען אויף גרוניען.
אונטערדרוק — דער, ־ן. (פֿיזיק) דרוק
וואָס קומט פֿון אונטן. „דער א, מוז זײַן

אונטערדרוקט

שטאַרקער פֿונעם אייבערדרוק, כּדי דער
טראָפּן קוועקזילבער זאָל בלײַבן בײַם שטריכעלע
פֿון רערל„..

אונטערדרוקט, ־דרוקן — אַרכ. ←
אונטערדריקט, אונטערדריקן. שווב.
אונטערדריבלען — טרוו. ־בל אונטער,
~געדריבלט. פּפּ: ~דריוולען. 1 פֿון
.
אונטן אָדער אַ ביסל דריבלען, אַרויסנעמען
פֿעדעם פֿון אַ געוועב. א, דאָס אויסנייעכץ
פֿון קליידל.
מיט ז י ך — פֿון זיך ווערן אויסגעדריבלט.
די קאַפּאָטע האָט זיך אונטערגעדריבלט.
2. (ספּאָרט) האָבן אין אייגענעם רשות די
פּילקע און זי פֿירן וויַטער צום ציל אָן
איבערגעבן זי אַ מיטשפּילער.
דריגעט. וורר, אוקר. אוטוו — ר, ~
גע. צו
ביסאונטערדריגען — דריגע אונט

לעך דריגען, בריקען, קאָפּען [אָן באַציאונג

צו אַן אָביעקט]. אַן אָגער וואָס קען א, פֿון
העלער הויט. 2. פֿון ציַיט צו ציַיט
טרייסלען מיט אַן אבֿר. „אַ טבֿע שטאַרק
אונטערצודריגען מיט איינער אַ ברעם“, בערג, ביַים

דניעפּעך.
טרוו — שטופּן, שטויסן מיס אַ פֿוס —
אומגעריבט אָדער פֿון אונטן. א, יענעם ווי
אַ ווילדע שקאַפּע.
אונטערדריזג — טרוו ־געע
ען .
1. צעבֿרעכן
אונטער, ~
געדריזגעט. פּפֿ: ~דראַזגען.
עפּעס אויף שטיקלעך ווי אויף קאַטאָוועס
אָדער צוליבֿ בֿריהשקייט. א, אַ שפּיגל, אַ
שויבֿ. 2. בֿאַשפּריצן; אָפּגיסן (פֿון שפּאַס
וועגן). א, מיט וואַסער די ייִנגלעך וואָס
שטערן. 3. בֿכּיוון אָנשיכּורן עמעצן. א, דעם
פּריסטאַוו. אויו מיט ז י ך.
אונטערדרייען — טרוו. דריי אונטער, ~
געדרייט. 1. דרייען צו בֿיסלעך. העלפֿן א,
א ראָד פֿון צײַט צו צײַט אינמיטן שפּילן
— . ״
אונטערגעדרייט די פּרוזשינע,, סאָוו,
היימלאַנד, 1961. א, די פּאהלעך. *א, מיטן גראָבֿן
פֿינגער = זיך חקירהן צו בֿיסלעך. *א, די
וואָנצעס = זיך אַרויסשטעלן, זיך
אַרויסווײַזן. 2. דרייען פֿון אונטן אָדער אונטער

עפּעס. א, די קאָלדרע אונטער זיך (אונטער
די פֿיס, אונטערן צוקאָפּנס). א, נאָך אַ שרויף
בײַ אַ וואַקלדיק פֿיסל. 3. מאַכן בּיסלעכווײַז
קרום. א, די שיך, די אָפּצאַסן.

4. דרייען אַ גליד כּדי וויי צו טאָן,
אויסצולינקען, אויסצפּוועכנען. א, אַן אויער. א,
אַ האַנט, אַ פֿוס. "נעם צו די הענט, אַניט
וועל איך דיר א, בּיידע הענט!", רייד.

5. אונטעררוקן עפּעס וואָס איז ניט גוט,
ניט אין די אינטערעסן פֿון יענעם. בּכּיוון
נאַרן אָדער פֿאַרפֿירן שלא בּכּוונה. א אַ

,

-

געשעפֿטל וואָס מע לייגט צו צו אים דעם
קאָפּ. א, עמעצן טרייפֿע סחורה. "אָבער אײַך
האָט ער איבּערגעלאָזט דאָס פּעקל. דאָס האָט
ער, הייסט עס, אײַך אונטערגעדרייט?", ווײַס,
אַ שטעטל. 6. אוטוו. פֿון צײַט צו צײַט
שפּילן ניט ערלעך. א, בּײַם קאָרטנשפּיל.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

4□,

אונטערדרייען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. צופֿעליק זיך באַגעגענע□, זיך טרעפֿן,
זיך מאַכן. אונטערקומען אומגעריכט. ס'דרייט א
זיך מיר אונטער אַ גוט געשעפֿטל. „ער פֿלעגט
דאָס געלט...דעם חובֿ צו באַצאָלן דערווײַל
אַוועקגעבן אַן אָרעמאַן וואָס האָט זיך אים
אונטערגעדרייט“, ייִפֿאָל, 2 .24 1887, No.
בכּיוון (זיך דערנענטערן און) אַרײַנמישן זיך
אין אַ צווייטנס ענין. זיך א, אין יענעמס
אַן עסק. זיך א, און אַרײַן אין קאָן. זיך
א, און נעמען זאָגן אַ דעה. 3. דרייען
זיך אויף אונטן. א, זיך פֿון ווייטיק. 4.
אונטערחנפֿענען זיך, זיך צומאַכן. א, זיך מיט
נאַרישע קאָמפּלימענטן.

בײַ, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אונטערדרייער. א
אונטערדרייעריש — אַדי. וואָס איז ווי

א'ע גענגעלעך. ־קייט.

אדנטערדרימבל — טרוו ־□ אונטער,
ען .

~געדרימבלט. אויך: ~דרימב יען. צו
ביסלעך ריפּען, סקריפּען, שפּילן עפּעס
ניטאונטערדרימל — אוטוו ־ א
ען . מל אונטער,
לען. אַ ביסל
ריכטיק. א אַ ניגון אויף אַ גיטאַר.
,

~געדרימלט, פּפֿ: ~ רעמ
דרימלען (דרעמלען); זײַן אין אַ מצבֿ פֿון
האַלבשלאָף אָדער שלאָפֿן מיט איבעררײַסן
נאָר עטלעכע רגעס. א, נאָכן פֿעטן עסן. א,
בײַם טרײַבן די פֿערד. „מע האָט גענומען...
שמייכלען און ביסלעכווײַז א'“, שע, יאָסעלע
סאָלאָוויי. „שלעפּט זי זיך און דרימלט
אונטער, גליטשט זיך איר דער הוט אַרונטער„,
מלה, אין ניו־יאָרק, וואַרשע 1927. ־עניש.
אונטערדרינגען — טרוו. דרינג אונטער,
~געדרונגען. באַזיגן, גובֿר זײַן (מיט אַ
לאָגישן אַרגומענט, שׂכלדיקן אויספֿיר). א,
עמעצן בײַ אַ וויכּוח, אַ דין־תּורה. „ווען דוא
צו משפּט טושׂט גין, דרפֿשׂטו דיר ניט איין
זכות זוכן אַליין...אבֿר דוא ווערשׂט פֿון יענם
אונטרדרונגן„, עיון, יבֿ/בֿ.

אונטערדרינדז(י)ען — טרוו. ־דז(י)ע
אונטער, ~געדרינדז(י)עט. וואוויליונגעריש.
בּמקום־ווערבּ פֿאַר אונטערפֿירן, אָפּנאַרן,
אַרײַנדרייען, אונטעררוקן און אויך אָפּלקחענען.
אונטערדריסקען — טרוו. ־קע אונטער,
~געדריסקעט. אויך מיט ז י ו. גראָבּ. דזוו
אונטערדאָסן.
אונטערדריפּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~
געדריפּעט. אויך מיט ז י ך. 1. אונטערטריפֿן.
אונטערקאַפּען פֿאַרדריי גוט דעם קראַן עס
זאָל ניט א׳״, רייד. 2. צו בּיסלעך אָדער
אונטער זיך (פֿון אונטן) בּרודיק מאַכן,
אָנחזירן, אָנפּאַסקודיען. ־עניש.
אונטערדריקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערדריקן. א, פֿון
נאַציאָנאַלע מיעוטים. „דא זאַך גאָט אונזר
מיהליכקייט אונ, ער דר בּאַרמט זיך איבּר דיא
אונטר דרוקונג פֿון זײַן פֿאָלק“, יוסיפֿון, אַמשט
1743. “ווערן מיר בּאַשטראָפֿט מיט גרויסע
צרות, מיט א'ען, גזירות רעות, יסורים, לײַד„,
ממוס, קליאַטשע. „אונטערדריקן רעליגיעזע
פֿירונגען און עיקרים געהערט צום געמיינסטן

או'נטערדריקן

מין א',,, לע, טמז, 1962 ׳י 27. א'(ס)־
פּאָליטיק.
ונטערדרי'קט — אַדי. אַרכ. דטשמ. אָפּט
געניצט. דזוו אונטערגעדריקט. ,,ווער דא וויל
אַנטרינן פֿון זײַן הער, אודר דער דא פֿר
צוקט איז, אודר אונסר דרוקט איז אין זײַן
לאַנד‟, יוסיפֿון, אַמשט 1743, קעד/ב. ,,דער
פּראָלעטאַריאַט פֿון דעם א'ן פֿאָלק גייט...
תּמיד אַרויס מיט אַן אונטערגעשלאָגענעם
אויג‟, זשיט I, נ,,י 1917. ,,און די אַלע
א'ע מוזן נאָך די טרערן שטיקן,,, אַר, 'פֿון
קהלת'. ‟אַיעדער מענטש וויל דאָך לעבּן,
אַפֿילו דער אָרעמאַן וואָס איז א',,, ווז [ייִבּל XIII].
,,איך זע אַן א'ער שמערץ דײַן בּרוסט
בּאַקלעמט‟, יהואָש, ,צפּורה'. ־קייט.
ונטערדריקטהייט — נר. דזוו
אונטערדריקטקייט. ,,דאָס גאַנצע אַרבּעטערפֿאָלק,
אײַנזעענדיק...זײַן א', זאָל אָנהייבּן צו פֿאָדערן
אַ חלק אין דער רעגירונג,,, וואָס ווילן די
סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד, זשענעוו
.1899

ו'נטערדריקן — טרוו. דריק אונטער, ~ געדריקט. פֿאַרשפּרייט דטשמ אונטערדדי'קן — ~ דרי'ק, ~דרי'קט. אַרכ — ~דרוקן.

1. דדיקן אויף אַראָפּ, אַראָפּדריקן, אַרונטערדריקן. א, די זאַכן אין וואַליזע. „דער הונט וואָלט איבּר דען וואַשׂר טרוקן,...שטיג ער דיא קוא אויף אירן רוקן, דאז האלף [= האָט געהאָלפֿן] איר אונטר דרוקן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ, 1686. „גישלאגען אונ, אין וואַשׂיר גיווארפֿען אונ, אונטר גידרוקט, בּיז ער גיבּליבּן איז„, שו„ת 'פּני יהושע', אַמשט 1715 [הש I]. מלל פֿאַרטײַטשט ,בּושסכס על דל, (עמום, ה, 11): „אונטר דריקט“ [תּי: „טרעט אויף„].

2. מיט מיטלען פֿון מאַכט ניט דערלאָזן, פֿאַרווערן. א, פֿרײַהייט פֿון וואָרט. א, די פּרעסע. א, די פּראָטעסטן. 3. בּאַצווינגען מיט גוואַלדמיטלען. א אַן אויפֿשטאַנד, די רעוואָלוציע, אַ פֿאָלקסבּאַוועגונג.

4. רודפֿן, נוגש זײַן. א, די נאַציאָנאַלע מיעוטים. א, ייִדן. „מענכה טואן זיא אים ליבּר גאַר אונטר דרוקן, אַז לסוף מוז ער זיי ווײַזן דעם רוקן„, עיון, סג/ב. „אַפֿילו

זײַן אייגן פֿאָלק און זײַנע אייגענע שׂרים
ועבֿדים האָט ער זייער אונטערדריקט״,
שארית יׂtראל, לעמבערג [19. י,,ה?]. ,,אָז דו
וועסט דעם אָרעמאַן א, און ער וועט שרײַען
צו מיר וועל איך הערן און וועל דיך
שטראָפֿן״, קול יעקבֿ, לובלין 1874. 5. ניט
דערלאָזן, פֿאַרשווײַגן; דערשטיקן מיט כלערליי
מיטלען. א, דעם אמת. א, אַ קלאַנג.
6. באַהערשן, קאָנטראָלירן, צוימען. א,
די געפֿילן. א, די מורא, דעם צאָרן. א אַ
,
תּאווה. ,,דרום דשׂ מיר דען (יצר הרע)
אונטר דרוקן אונ, אים ניט זײַן וואול לושׂט
געבֿן,,, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, מא/ב.
,,וועד איז צו הלטין פֿר איין (גבֿור) דער...
אונטר דרוקט זײַן רוגז,,, ספֿר מבֿחר
הפֿנינים, הומבורג תּצ,,ט, ט/ב. ,,דאָס פֿאָלק...
אונטערדריקט יעדן אומבאַהערשטן לויף
פֿאָרויס״, יג, טמז, 23 4׳19 II.

אונטערדריקעכ׳ן

אונטערדריקעכץ — דאָס, ־ן (־ער). דזוו

אונטערדריקונג. אויך מיט שפּאָט, ביטול.
־עניש.
אונטערדריקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
ווער עס פֿירט די פּאָליטיק (סיסטעם) פֿון
אונטערדריקן. באַצווינגער, באַהערשער,
באַדריקער. נוגש. ווער עס רודפֿט. „אויס א',
אויס שקלאַף און טיראַן„, יהואָש, 'די בערן
און די שעפֿעלע, ־עריי.
־.   .
אונטערדריקעריש — אַדי. וואָס איז לויטן
דרך, לויטן כאַראַקטער פֿון אַן
אונטערדריקער. וואָס איז געשטעלט אויף צוואַנג,
דיקטאַטור; ברוטאַל. א'ער רעזשים. „אַ
מאַנדאַט־מאַכט וואָס איז געוואָרן אַלץ מער און מער
א,“, צײַט, טמז, 22 1954 ▯I. „אַ דירעקטער
אָפּשטאַמער פֿון א'ן קלאַס“, א. י. זאַקוסקי,
דוד עדעלשטאַט..., ב“א 1955. ־קייט.
אונטערדרך — [...דערעך] דער, ־ים [...
דראָכי▯I. דזוו אונטערוועג, ב2. הינטערוועג(ל).
„אַ לײַכטזיניק מיידעלע,...מיט דעם חשק צו
געפֿעלן אַלע, מיט די א'ים, מיט דער
פֿאַלשער נאַאיוויטעט“, יעקבֿ גאָלדשטיין, בײַ דער
יונגער מוטער, לאָדזש 1912.

,,יאָ, ר, מענדעלע, איר האָט, ס'זאָל איַיך
אונטערדרעמלען — ← אונטערדרימלען.

צו קיין חרפּה ניט זיַין, אַ בּיסעלע
אונטערגעדרעמלט, ווייסט איר ניט וואו מיר האַלטן
אין דער תּפֿילה", ממוס, 'בּישיבֿה של מעלה'.
אונטער דרערד — אַדוו פּראַזע. דזוו
אונטער דער ערד. ,,מע פּאָרט, הייסט עס, מיַילן,
אַ סך מיַילן...א, ד, אין אַזוינע דורכגעבּויערטע
טונעלן?,,, לע, טמז, XI 1964 18.
אונטערדרערדיק — אַדי. דזוו
אונטערדערערדיק. א'ע אוצרות. ,,יענער הייסער
שטראָם איז...פֿון דעם א'ן טיַיך". ,,אין דער
ניַיער א'ער איַיזנבּאַן פֿון דער שטאָט
ניויאָרק,,, מר I▯ .
אונטערדרש(ע)נען — [...דאַרשענען] דרשן
(דרשע) אונטער, ~געדרשנט (~געדרשעט).
אוטוו — דרשענען פֿון ציַיט צו ציַיט,
האַלטן פֿון ציַיט צו ציַיט דרשות. ,,דרשענען איז
אין אַ שבּת. טרוו — 1. אויספּשטלען,
ניט קיין פּרנסה, א אַוודאי ניט,,, רייד. א,
,

אויסטיַיטשן אויף אַ זיַיטיקן אופֿן,

אָפּוויכנדיק פֿון פּשט. א, אַ פּסוק אָן הענט און
אָן פֿיס. 2. איר פֿון צײַט צו צײַט האַלטן
באַנאַלע רעדעס, לעקציעס (מיט
אַרײַנטײַטשונגען). א, שוין איין מאָל אַ לעקציע וועגן...
אונטערהאָבן — אַקוזוו. האָב אונטער, ~
געהאַט. 1. אַרכ. האָבן אַ שליטה איבער
עמעצן. „דעם רשע פֿרעגט מן: ווארום האשׂטו
ניט גילערנט. דא זאָגט ער: איך בין איין
שינר מענש גיוועזין און, דער יצר־הרע האָט
מיך אונטר גיהאט“, מהמ, ב/ב. 2. (אויך
שפּאַסיק) האָבן פֿון צײַט צו צײַט. א,
קינדער. א, גוטע אײַנפֿאַלן.
אונטערהאָגלען — אוטוו. אומפּ. ־גל
אונטער, ~געהאָגלט. 1. האָגלען צו ביסלעך,
צײַטנווײַז. עס רעגנט און עס האָגלט
אונטער. 2. פֿיג. א, מיט זידלערײַען. אויך

טרוו — באַשיסן פֿון צײַט צו צײַט. א, דעם
שׂונאס פּאָזיציע מיט גראַנאַטן.
אונטערהאָדזשען — אוטוו. ־דזשע אונטער,
~געהאָדזשעט. אונטערשמועסן (מיט ביטול,
אָפּלאַכעריש). „די געשיכטע האָט אָבער ניט

לאַנג געדויערט, „מע האָט אָנגעפֿאַנגען צו א, וועגן מײַן חתונה...,,, פּ. א. ר., ליבּע בּלײַבּט ליבּע, וואַרשע 1879.
או'נטערהאָדעוואַ'ניע — די, ־ס. פּראָצעס, רעזולטאַט אָדער מיטל צום אונטערהאָדעווען (זיך). א, מיט ייַכלעך.
אונטערהאָדעווען — טרוו. ־דעווע אונטער, ~געהאָדעוועט. 1. כּסדר העלפֿן אַ לעבּעדיק בּאַשעפֿעניש זיך אַנטוויקלען מיט צוגעבּן שפּײַז, בּעסערע אָדער מער. א, אַ זויגקינד מיט קאַשע. א, אַן אָפּגעצערט קינד. א אַ קראַנקן. „מיט מילך [דאָס קעלבּ▯]
,
אונטערגעהאָדעוועט“, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928. 2. אונטערפֿיטערן. פֿון צײַט צו צײַט געבּן שפּײַז אָדער כאָוועו, אָפּהיטן. א, די אייניקלעך. א, געגנדז אויף חנוכּה, אינדיקעס אויף פּסח. 3. דזוו האָדעווען, דערציִען. „דאָס קינד איז אונטערגעהאָדעוועט געוואָרן און אײַנגעלערנט איידלקייט“, מע▯ה אָלפֿס ▯I.
אונטערהאָדעווען זיך — ← דפֿוו.
1. רעפֿל. א, זיך מיט געזונטע שפּײַזן.

2. איר. עסן מער ווי מע דאַרף. נאַשן
אַ סך. א, זיך מיט געגדזענע פּאָלקעס, מיט
שאָקאָלאַד. זיך א, אַ בײַכל. 3.
אונטערוואַקסן. ,,ביז בר־מצווה איז ער געווען אָט
אַזוי קליין, ערשט שפּעטער האָט ער גיך
זיך אונטערגעהאָדעוועט,,, רייד. ,,עס
האָדעוועט זיך אונטעד בײַ אים נאָך אַ בײַבאַקל,,,
אמד, שעפּקע דער יאַנציצער אָרעס־בחור,
ווילנע 1872.
אונטערהאַווירן — טרוו. ־וויר אונטער,
~האַווירט. פּטמ. לר פֿון צײַט צו צײַט
.
שטעלן צופֿרידן, נאָכגעבן יענעמס
פֿאַרלאַנגען. א, דעם בעל־דעה, דעם נגיד.
אונטערהאַוועו — אוטוו. ־ווע אונטער, ~
געהאַוועט. האַוועו ביסלעכווײַז. צײַטנווײַז יאָגן
זיך אָן אָטעם (עפּעס צו דערגרייכן). א,
איבער די יאַרידן. א, אין אַ קורץ־פֿרײַטיק.
א, אויף אַ פֿרעמדער שׂמחה. א, און זיך
קהלן ניט־געבעטענערהייט. ־עניש.
אונטערהאַווקען — אוטוו. ־קע אונטער,
~געהאַווקעט. אויך: ~הויקען. אויך מיט
ז י ך. 1. בילן, האַווקען פֿון צײַט צו צײַט.
א, אויף דער לבֿנה. 2. צו ביסלעך וואָרטשען,

זידלען, זאָגן שלעכטס. אַ מיאוס מויל וואָס
קען נאָר א'. 3. פֿיג, מיט בּיטול.
צובּאָמקען צו רייד פֿון אַ שטאַרקערן. א, דעם
בּעל־דעה.
אונטערהאָטשקען (זיך) — ←
אונטערהאָצקען (זיך).
אונטערהאַלבּ — פּרעפּ & אַדוו.: d□ □ □ ־
a1be11□[־un(ler. אַרכ. אונטער □ אַרונטערצו.
,,אונטר הלבּ דען גרובּן מכט ער איין קליינשׂ
לעכליין, דשׂ בֿון דער גרובּ ולושׂ אין דיא

אונטערהאַ'לטונג

אַנדר גרובּ היניין,,, 'כּ,,י מלכים־בּוך', 16.
י,,ה [פֿ. פֿאַלק, וואַכשטיין־בּוך, ייִוואָ].
אונטערהאָלדערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געהאָלדערט. 1. אַרויסבּרענגען צײַטנווײַז
קולות (וועגן אינדיקעס). די אינדיקעס
האָלדערן אונטער. 2. ריידן, שרײַען
אומפֿאַרשטענדלעך (און מיט גאווה). א, ווי אַן אינדיק.
אונטערהאַלט — דער, ־ן. 1. אָנשפּאַר,
אָנהאַלט(־פּונקט). דאָס וואָס האַלט אונטער
(עס זאָל ניט פֿאַלן). אַ קרומע וואַנט מיט
אַן א'. ,,גאָט שפּאַרט אונטער די כותל מערבֿי,

וואָס זי איז געבליבן פֿון דעם בית־המקדש וואָס איז אַן א, פֿון זײַנע פּיס,,, מחזור לשלוש רגלים, סלאַוויטע 1832, נח/א. ,,אין דער לענג פֿון גוף ציט זיך אַ ביינערנער זײַט...[וואָס איז] אַ הויפּט־א, פֿון קערפּער“,

דר, איסעל [= בע] איבז, אָטאָ שמײַל, דער מענטש, ווילנע 1921.

2. תּמיכה, אונטערשטיצונג. דאָס טיילווײַזע אָדער פֿולע אויסהאַלטן מיט לעבנסמיטלען אָדער געלט. ,,און, דער דא האָט גוועלט פֿלײַסיג לערנין אין אַלע דיא לענדר...האָט ער אים אונטר האַלט געגעבן,,, שאַר, מה. ,,כּדי להחזיק לימוד תּורתינו איז בשלאסין ...איין קלויז מן לומדים צו עטאַבליהרן [און] ...אונטרהאַלט על ג, שנים“, 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה יצ,,ו מיום הועד נ,,ע, [נידרענהיים] מן כ,,א אייר תּקל,,ז.

3. שמועס, געשפּרעך. נר. ,,פֿרעגט...וואָס זייער א, איז (געשפּרעך), ווען זיי טרעפֿן זיך אין גאַס“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע .1844

4. (פֿריילעכער) צײַטפֿאַרברענג. אָוונט, שׂמחה אויף צו פֿאַרברענגען. ל1. ,,די גרויסע געלט־אַריסטאָקראַטן מאַכן זיי אַ וויזיט אָדער

קומען צו זיי אויף אַ וועטשערינקע (
אָוונטא')",, ארז, קמ, 3 1866, No. ,,האָט זיי
אַלעמען פֿאַרבעטן אין זײַן הויז און האָט
געמאַכט פֿאַר ז אָן א'",, ש. בעקערמאָן, דער
יִ
זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887. ,,דאַרף די
צײַטונג...אויך אונטערהאַלטן...איז אַ סך פֿון
א, ווערט קאָנצענטרירט אַרום פֿאַרבּרעך",, בּצג,
טמז, 22 5 19 II.
או'נטערהאַלטונג — די, ־ען. 1.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון או'נטערהאַלטן.
אַן א, מיט די לעצטע כּוחות. 2. אָנשפּאַר,
אַסמכתּא. ,,האָבּן זיי ניט געפֿונען אויף דעם
קיין א, פֿון פּסוק",, תּניא, קלו.
אונטערהאַ'לטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערהאַ'לטן, דזוו
אונטערהאַלט, בּ2. ,,האָט דאָך אַך גגעבּן...
גאָלד און, זילבּר צו אונטער האַלטונג דיא
אַרמײ", יוסיפֿון, מא/ב. דזוו אונטערהאַלט, בּ3.
,,מיר קאָנען זייער א, ניט שרײַבּן, דען עס
איז [דאָ] ניט דער אָרט דערפֿון", ג. י.
ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. 2
פֿאַר.
ווײַלונג, שׂמחהלע. ,,אַ בּאַזונדערע קיך אויף

יִדישע חתונות אָדער אַנדערע אָונט־א'ען“,
קמ, 24 l861, No, מודעות. ,,נאָך דעם יום־טובֿ
מיט פֿריילעכע א'ען קומט די גרויע
פֿאַר...
זאָרגטע וואָכעדיקייט,,, ממוס, שלמה. ,,האָט

אונטערהאַ'לטיק

זיי טאַקע מערניט געפֿעלט ווי אַ בּיסעלע
א,,,, אַר, 'דאָס טײַכל,. ,,אין אַ צו פֿריילעכער
א, פֿאַרלירט מען שטענדיק די האַלטונג“,
ר, בּנציון מישנאַיעווסקי, תּורת ציון, ווין
1923. “ער איז אין פֿאַרוואַלטונגס־ראַט פֿון
אַן א'ס־בּלאַט“, ווינטש II.
אונטערהאַ'לטיק — אַדי. אינטערעסאַנט,
פֿאַרווײַלעריש. אַן א'ער אָוונט, שמועס.
או'נטערהאַלטל — דאָס, ־עך. דזוו
אונטערהאַלטונג. אַ פֿריילעך א'. “האָט אין זײַן
פּאַלאַץ אויף אַ קליין א, (קערמישל)
אײַנגעלאַדן מאַדרידער ראָש־צבֿא“, בּ.
זילבּערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן II, קעשענעוו 1885.
און'טערהאַלטן — טרוו. האַלט אונטער,
~געהאַלטן. un(1er—ha1ten :Mod ־ ס'רובֿ
בּבּ > סל. 1. האַלטן פֿון אונטן.

אונטערשפּאַרן. איינער טראָגט די משׂא און דער צווייטער האַלט אונטער. א, דעם דאַך מיט נײַע קלעצער. „סײַדן דער כּוס איז צו שווער, מאָג ער א, מיט זײַן לינקער האַנט די רעכטע האַנט“, לט2, נג/ב. “ער האָט דֵי גאַנצע צײַט...אונטערגעהאַלטן די האַנט אונטערן מויל“, ווײַם I, 'דער אָרעמער יונג'. „די פֿאַרדאַרטע...קעזקיכלעך געקײַט... [און] אונטערגעהאַלטן די האַנט, קיין קרישקע זאָל ניט פֿאַרלוירן גיין„, בּ. שלעווין, גק, No 47. „ער האָט מיט רויטע בּערעקעוואַטע הענט אונטערגעהאַלטן זײַן בּויך„, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927. „די קינדערלעך...האָבּן אונטערגעהאַלטן דער כּלהס שלעפּ פֿון איר חופּה־קלייד„, פּ. רודאַי, טמז, 19 24.

2 צוהאַלטן, מע זאָל ניט פֿאַלן. א אַ

,

האַלבּ־געחלשטן. „זײַנע פֿיס ציטערן אונטער אים...און מענטשן מוזן אים א, ער זאָל ניט פֿאַלן“, „איינע אַבּשילדערונג פֿאָן קעניג אחאבֿ און זײַנע פֿרויא איזבֿל, וואַרשע 1862.

3. [דאָ און ווײַטער ווערן די ציטאַטן פֿון אַלטע און עלטערע ווערק אויפֿגענומען ווי

אַזעלכע וואָס האָבּן די פֿאָרמען פֿון ווערבּ או'נטערהאַלטן און ניט אונטערהאַ'לטן, ווײַל בּײַ אַלע ווײַטערדיקע בּבּ איז די אַנטוויקלונג געגאַנגען אין אָט דער ריכטונג.]
אונטערשטיצן, צוגעבּן כּוחות, שטאַרקן. "עסין און טרינקן און שלאָפֿן...איז אַנדרש ניקס אַז פֿר דעם לײַבּ צו אונטער האַלטן", לט1, קנד/ב.
"צו זוכן זיך זײַן געזונטקייט א, דורך אַזוינע זאַכן וואָס זייער טבֿע בּרענגט עס מיט", חה. ,,דאָרטן אויך איז מיט מיר די הילף זײַנע אונטערצוהאַלטן די פֿונדאַמענטן מײַנע", ממוס, זמירות. *א, די (זינדיקע) נשמה = נעמען עפּעס עסן אָדער טרינקען, ספּעצ נעמען אַ טרונק בּראַנפֿן. ,,די קבּצנים נעמען צו בּיסלעך בּראַנפֿן אָדער ווי זיי זאָגן א, די נשמה, מע זאָל כּוח האָבּן אַרומצוגיין,,, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,די איינציקע נחמה: זײַן אייגן שטיקל בּרויט צו א, די נשמה", פּרוג III. א, מיט בּלוט־טראַנספֿוזיעס.
4. כּסדר, סיסטעמאַטיש פֿאַרזאָרגן מיט לעבּנסמיטלען און מיט דאָס נייטיקע צום

בּן בּכלל. „איך האבּי קיין אַנדר האַנט ווערק אַלשׂ דיזשׂ מיך צו אונטר האַלטן„, מראות הצובאות, וואַנדזבּעק 1718. „דז מן זאָלט דר מיט אונטר האַלטין דיא ארמי (יתומים) אונ, (אַלמנות)“, יוסיפֿון, אַמשט 1743, מא/ב. „זי אַרבּעט, זי דינט ווי ס'איז אונטערצוהאַלטן אירע ליבּע נעבּעך“, ממוס, ווינטשפּ. „די הונדערט טויזנט רובּל וואָס זי האָט אים מיט זיי אונטערגעהאַלטן“, בּערג, 'יוסף שור'. „דרײַ טויזנט רובּל אונטערצוהאַלטן די לומדים פֿון קלויז“, חג, דער מאַמעס שבּתים. *א, בּײַם לעבּן.

5. שטיצן פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך, טיילווײַז. א אַן אָרעמען קרובֿ מיט הלוואה,

לעך. „צינז צו געבּן צו דען טעמפּיל... אונטר האַלטן דיא דינשׂט פֿון דשׂ (בּית־המקדש)“, יוסיפֿון, 1764, יא/ב. „זאָלן אָנהייבּן בּויען דעם ישובֿ די יונגע...די איבּעריקע וועלן זיי א, פֿונדערווײַטנס“, ממוס, שטורעמצײַט. „נאָר דערווײַל מוז מען אים א, מיט אַ דרײַערל„, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.

6. שטיצן, געבּן געלט אויף ניט קיין גאָר

כשרן אופֿן. ״די רעגירונג האַלט דעם
פּריסטאַוו און די אָרעמע ייִדישע באַפֿעלקערונג
האַלט אים אונטער,,, בריוו. ,,די ייִדישע
יוניאָנס האָבן געמוזט א, 'שטאַרקע', ווײַל זיי
האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע שלעגערס״,
רייד. ,,העכערט דעם מקח אויפֿן פֿלייש אויך,
אונטערצוהאַלטן זײַנע לײַט״, ממוס, 'די
אַלטע מעשׂה,.
7. זען, אָננעמען מיטלען, עס זאָל
בלײַבן ווי פֿריִער אָדער שטאַרקער ווערן. א,
דעם גבֿירישן שטאַט, דעם סטאַנדאַרד פֿון
לעבן, פֿון לימודים. ,,אַכט און פֿירציג מדות
פֿר דעם תּלמיד חכם...אין פּרקי אָבֿות, אַזו
קן מן [= קען מען] זיא לייאנן און
ביפֿלײַסיקן זיא צו אונטר האַלטן,,, לט1, קנד/א.
״איז רעכט מנהגים א, כּדי דעם
פֿאָלקסגײַסט צו דערהאַלטן״, ממוס, יודל. א, אַ
תּאווה. א אַ באַגער, אַ פֿאַרלאַנג, דעם חשק

,

צו עפּע . ,,אַנשטאָט אונטערצוהאַלטן דעם
חשק בײַ קינדער צו מײַסטערן, דערשטיקט
מען אים באַלד אין אָנהייב״, ממוס, שלמה.
א, שלום. א, דעם יצר־טובֿ. ״דאָס האָט
אונטערגעהאַלטן אונדזער שלום־בית״, פּרץ, ,דער

פַּעטער שכנא...'. *א אַ פַּײער = א)
קאָנ,
קרעט, מיט ברענשטאָף; ב) פיג. פֿאַרשטאַרקן
אַ מחלוקה, אַ קריגערײַ. „ברענט פֿריילעך
אַ פֿײַערל וואָס פֿון צײַט צו צײַט ווערט עס
אונטערגעהאַלטן מיט דינע טרוקענע
שפּענדלעך“, ממוס, שלמה. „אַ בריה
אונטערצוהאַלטן דאָס פֿײַער מיט נײַע רכילותן“, רייד.
איז פּ אַ ס י ו ו. „אַן אַלטע פֿירונג ווערט
אונטערגעהאַלטן, אַפֿילו ווען מע ווייסט שוין
ניט צוליב וואָס„, רייד. „און, דיא (חבֿרה...)
האבן אויף זיך גנומין (לכּבֿוד המתים) דרײַא
ליכטר (תּמיד) צו ברענגן, גלײַך עש נאָך
אונטר האַלטן ווערט (עד היום הזה)“, שאַר,
קלט.
8. בכלל אָפּהיטן. א, די אמונה. „
פֿרייאהייט אין האָלאַנד גגעבן אַן אַלי גלובן אום
איר גאָטש דינשט פֿרײַא צו א„„ שאַר, קלב.

אונ'טערהאַלטן

„דיא דאזגי טעג זאָלן גידאַכט ווערדן אונ,
זאָלן ווערדן אונטר האַלטן אין אַלין אונ,
איינם איטליכן גיבירד„, צאינה, תּרגום שני.

,,ניט דעם רבס פֿרומקייט און ניט דעם
גבֿירס גוטסקייט ווען אײַך א, און בּרענגען
צום צוועק", פֿרוג, 'אַ בּאָבּע־מעשׂה פֿון משיחס
צײַטן'. ,,מנהג ניט צו אַרבּעטן שבּת, דען
בּיז יעצט האָט דאָס די רעליגיע
אונטערגעהאַלטן", די סtכירות, לעמבּערג 1896.
9. מסכּים זײַן, צושטימען, אונטערשטיצן
עמעצנס רייד. א, אַ פֿאָרשלאָג, אַ פֿאָרלייג,
אַ טעזע. א, יענעמס מיינונג. ,,דאָס איז אַ
טײַערער שידוך און אַלע ווען א'", י. א.
קאַצאָוויטש, 6o יאָר לעבּן. ,,האָט [ז] זיך בּאַלד
אַרויסגעכאַפּט...און אים אונטערגעהאַלטן: '
געוויס, ריכטיק',,, בּערג, אַרום וואָקזאַל. ,,אַלע
האָבּן...[דאָס] צווינטשעווען אונטערגעהאַלטן,,,
נס, משפּחה מאַשבּער. ,,האָט...פֿאָרגעלייגט מײַן
קאַנדידאַטור, און...אונטערגעהאַלטן מיט אַ סך
בּרען", ז. שזר, טמז, 4 1964 X.
1O. צוגעבּן מוט, דערמוטיקן, מחזיק זײַן.
,,קיינער איז ניטאָ, ער זאָל א, [ואין מחזיק]",
מחזור לימים נוראים, סלאַוויטע 1832. ,,ער
האַלט די געפֿאַלענע אונטער און ער צינדט
די פֿאַרלאָשענע אָן", אַל, 'בּר כּוכבֿא'.
11. העלפֿן בּכלל. ,,מיר האבּן גישוואָרן
...דאשׂ מיר ווען בּרידער בּלײַבּן, דשׂ מיר

וועלן מיט אַננדר אונטר האַלטן“, צאינה, קנ/ב. „איין חיה העלפֿט דער אַנדערער, דער שטאַרקער האַלט אונטער דעם שוואַכן„, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.

12. אונטערזאָגן און מיט דעם העלפֿן. א, (מיט) אַ וואָרט דעם אַקטיאָר, וואָס האָט זיך פֿאַרהאַקט אין מיטן מאָנאָלאָג.

13. מיטזינגען, מיטשפּילן. אונטערזינגען, אונטערשפּילן. „'מי אַדיר', גיט דער חתן אַ זונג און דער באַס האַלט אונטער ווי אַ יונג“, עט, לידער. „עס קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעגיסט זיך אין טרעלן; דער טשיזשיק, דער שטיגליץ מיט דער גאַנצער חבֿרה משוררים זײַנע האַלטן אים אונטער אויף פֿיסטלעך, געלענקלעך און בײַקולכלעך„, ממוס, שלמה. „אים האָט איינער אונטערגעהאַלטן אויפֿן פֿידל, און דער גאַנצער עולם איז געבליבֿן ווי פֿאַרגאַפֿט„, שע, יאַסעלע סאַלאָוויי. אויך: בײַם באַטייליקן זיך אין אַרויסברענגען כלערליי קולות און קלאַנגען. „ יענער הונט האָט אָנגעהויבֿן בילן און די איבעריקע האָבן אים אונטערגעהאַלטן... איטלעכער אויף זײַן שטייגער בילן„, ממוס, ספֿר הבֿ מודן.

14. דזוו אונטערהאַ'לטן, פֿאַרווײַלן, אַמוזירן. „האָט געפֿונען פֿאַר זײַן חובֿ אונטערצוהאַלטן די געסט“, ספּ, סודות. „כאָטש ער האַלט אונטער די קאָמפּאַניע...נאָר ער זאָל זײַן פֿריילעך גלײַך מיט אַלע — דאָס זעט מען ניט“, שע, פֿון צוויי וועלטן.
מיט ז י ך, רעפֿל & קזוו. א, זיך מיט אַ ביסל מוזיק. א, זיך בײַם דערמאָנען זיך דעם פֿאָטערס רייד. „דערצו נאָך בלײַבן שפּאַדקעס פֿון שבת, שנאַפּס, לעקעך, קיכל, אַ הערינג, אַ קאַלטע שטיקל פֿיש,...עס [אי]

אונטערהאַ'לטן

דאָ בײַ וואָס זיך אונטערצוהאַלטן“, אמד, באָרוסקע דער שומר, ווילנע 1871. „האָבן זיך זייער אונטערגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ביז עס איז טאָג געוואָרן“, טיפּורי מעע)יות, וואַרשע 1881. „נאָך אַזאַ לאַנגע רײַזע געלוסט זיך זיי אַ ביסל רו, אָפּפֿרישן זיך אַ ביסל...א, זיך,„ ממוס, קליאַטשע.
15. מאַכן עס זאָל עקסיסטירן, געדײַען. אָנפֿירן. ‘‘דען איז איין גרעשׂר חידוש איין

מדינה מיט שלום צו אונטר האַלטן אַלש
מיט מלחמה“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק
1718. —עכ ן. ־עניש.
אונטערהאַ'לטן — טרוו. אונטערהאַ'לט,
~האַ'לטן [דאָ איז אונטער אַ פּרעפֿיקס].
ארכ. איצט דטשמ. אַמוזירן פֿאַרווײַלן, משׂמח
—
זײַן. דזוו אונטערהאַלטן בּ13. מלל
פֿאַרטײַטשט 'והקיצות היא תּ יחך, (משלי, ו,
22): „דיך אונטר הלטיו“. „אונטערהאַ'לט מיט
וויץ און שפּיל, ווילסט מע זאָל דיך הערן„,
בּירך שאַפּיר, מעלאָדיען, קראָקע 1886. „אום
די געסט צו א, ער [האָט] געטאַנצט דעם
בעטלערטאַנץ“, יהואָש, הײַאוואטאַ. „וואָס
בּיסטו מיר אַ רבּ שמעלקע מיט מײַן ווײַבּ,
וואָס דו אונטערהאַלטסט זי מיט לידעלעך“,
שע, מענטשן.
מיט ז י ך — 1. קזוו. זיך פֿאַרווײַלן,
אָנגענעם פֿאַרבּרענגען די צײַט. „האָט אַבֿימלך
געזען אַז יצחק אונטערהאַלט זיך מיט זײַן
ווײַבּ רבֿקה„ [תּי: „שטיפּט], ספֿר הישר,
וואַרשע 1859. „אײַך...לאָז איך דאָ,
אונטערהאַלטס אײַך דאָ אַ בּיסל, בּיז איך ווער

צוריקקומען", עט, 'דער פֿעטער פֿון
אַמעריקע'. „דאָס ווינטשעניש איז געווען איינע
פֿון די גאַנץ געוויינטלעכע באַשעפֿטיקונגען
צו א, זיך און פֿאַרבּרענגען דערמיט אַ ביסל
די צײַט„, ממוס, ווינטשפֿ. 2. שמועסן. נר.
„עס איז דאָך דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן מיט
[אַזאַ פֿרוי] זיך צו א'", קמ, 1868, No 10.
„אַלע מײַנע גוטע פֿרײַנד זאָלן זיך א, מיט
קלוגע און ריידן מיט חרוצים", ליאָנדאָר
בּש, ווילנע 1887. "נײַע חבֿרים מיט וועלכע
ער פֿלעגט זיך א, בּשעת אַ פֿרײַע צײַט
פֿונעם לערנען„, ממוס, 'אַ גרויע האָר„.
־עכץ. ־עניש.
אונטערהאַ'לטנדיק — אַדי.
פֿאַרווײַלעריש, אינטערעסאַנט. אַן א'ע געזעלשאַפֿט. א'ע
אַנעקדאָטן.
און'טערהאַלטער — דער, ־ס. ווב ־ין,
־קע, ־ס. 1. ווער עס האַלט אונטער (מיט
פֿאַרשיידענע בּבֿ). העלפֿער, אַרויסהעלפֿער,
(אונטער)שטיצער. „וואַסער איז די
הויפּטא'ין פֿון לעבּן", ש. בּלוס, דער בּוים פֿון
לעבּן, נ"י 1931. „זיי [= די ייִדן] האָבּן
ניט קיין א, און קיין העלפֿער„, א. פֿאַרפֿעל,
ספֿר בּית הכּנסת העתּיק, פּיעטריקאָוו תרע„ב.

2. קלעזמער־לשון. צווייטע פֿידל, סעקונדע.
[י. טריוואַקס, ,,כלי־זמר־לשון,, בײַ אונז יודן,
וואַרשע 1923. אויפֿן סמך פֿון שע,
סטעמפּעניו.] 3. ווער עס פֿאַרווײַלט. ,,עדי
קענטאָר איז...אַ גרויסער...א',,, טמז, 1 XII 1964.
־יש — אַדי. ־ערײַ — ,,האָט זיך

גע717

שפּײַזט פֿון צוויי פּרנסות. איינע וואַר דאָס
א', דאָס הייסט ער איז געווען אַ משורר,
אַ באַס...און פֿלעגט זינגען...זייער גוט'', אמד,
דער אידישער פּאָסלאַניק, ווילנע 1880.
אונטערהאַמער — דער, ־ס. אונטערשטער
האַמער (אָדער שטיק אײַזן, מער־ווייניק
האַמערפֿאָרמיק) אין אַ מאַשין וואָס האָט אויך
אַ צווייטן, אַן אייבערשטן האַמער. ,,דער
א, איז גרעסער ווי דער אייבערהאַמער''.
אונטערהאַמערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געהאַמערט. 1. האַמערן פֿון אונטן. א,
דעם פּיעדעסטאַל. 2. קלאַפּן מיט אַ
האַמער פֿון צײַט צו צײַט. א, און פֿאַרדולן
דעם קאָפּ. 3. אונטערשטופּן,
אונטערשטויסן מיט בוח. באָמבאַרדירן אאַ טואונגען וואָס

דערמאָנען אין האַמערן. א, דעם שׂונא. פֿיג.
א, דעם עולם מיט פּראָפּאַגאַנדע. ־ונג.
אונטערהאַ'נדלונג — די, ־ען.
איבערשמועס. פֿאַרהאַנדלונג. פּראָצעס פֿון
אונטערהאַ'נדלען. געשעפֿטלעכע, דיפּלאָמאַטישע א'ען.
יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774, גיט
א, וו אַ סינאָנים צו ,טראַקטציא'. ,,איז
ערי
געץ אַ שׂמחה, אַ פֿאַרזאַמלונג, אַן א, וועגן
שטאַטזאַכן...,,, שע, אין שטןרעם. ,,דער מאַן
האָט גאָרניט געוואוסט אין וואָס פֿאַר א, דער
באַנקיר מיט דעם דאָקטער שטייען,,, י.
בודזאָהן, דאָס חנוכּה ליכטל, ווילנע [יאָר].
או'נטערהאַנדלען — אוטוו. ־דל אונטער,
~געהאַנדלט. צו ביסלעך האַנדלען, פֿירן
מסחר. אַ מלמד וואָס האַנדלט אונטער. אַ
וואַלד־סוחר וואָס האַנדלט אונטער אויך מיט
תּבֿואה. א, מיט זאָמען, מיט פֿלאַקס אאַזוו.
אַ שניטקדאָם וואָס האַנדלט אונטער אויך מיט
צעלניק. אַראָפּ פֿון קעסט און
אונטערגעהאַנדלט מיט וואָס עס לאָזט זיך.
,,האָט...געפּרוווט
דאָס מזל און אָנגעהויבן ביסלעכווײַז
אונטערצוהאַנדלען, אַליין פֿאַר זיך מאַכן

געשעפֿטלעך“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „אָבער
דאָס א, שטילינקערהייט מיט לאָטעריי־
צעטלעך און גלויבן אין גרויסע געווינסן איז
געווען אין זײַן נאַטור“, חג, טמז, IX 1964
25. אויך מיט ז י ך — „דער איז זיך אַ
בעל־מלאָכה, דער האַנדלט זיך אונטער אַ
ביסל“, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע
1865. ־עניש.
אונטערהאַ'נדלען — אוטוו & טרוו.
אונטערהאַ'נדל, אונטערהאַ'נדלט [דאָ איז
אונטער אַ פּרעפֿיק]. איבערשמועסן. רעדן,
קאָמוניקירן וועגן דורכקומען מכּוח עפּעס
פֿי.
רן שמועס(ן) אָדער זיך פֿאַרשטענדיקן בכּתבֿ
וועגן באַדינגונגען, וועגן פּרײַז אע פֿירן
.
פֿאַרהאַנדלונג(ען) דירעקט מיט אַ בעל־דבֿר
אָדער דורך אַ פֿאַרמיטלער. א, (וועגן) אַן
אָפּמאַך. “דער...קאָמאַנדיר האָט אים אַן
אויפֿטראָג געגעבן, ער זאָל א, שלום“, קמ,
20 1863, No. „איך האָב...מיט גאָר קיין
איינציקן מענטש עפּעס געהיימעניס
אונטערהאַנדלט“, לאיזע, דעם קעניגס
געשעפֿטספֿערזאָרגער, בוקאַרעשט [יאָר?]. ־עכץ. ־עניש.

־ער(ין) — „קאָנפֿערירן מיט די זעלבע סאָוועטישע א'ער„, טמז, 26 1963 IX.

אונטערהאַקן

אונטערהאַנט — די, ~הענט. 1. היפּוך פֿון אייבערהאַנט (←). 2. לעצטע 'האַנט, בײַם שפּילן קאָרטן. „די א, דאַרף אַראָפּנעמען נאָכן טאַשן“. 3. בײַם שווימען, די האַנט וואָס איז אין וואַסער.

אונטער האַנט — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. דזוו אונטער דער האַנט. בײַ זיך, מיט זיך. „קאַם ...איין קויפֿמאַן פֿון פֿערן [= ווײַט] לאַנד, פֿיל קופֿמאַן שאַץ האָט ער אונטר האַנד“, ספֿר משלים פּפֿדמ 1686. ז ײַ ן א, ה, =

,

זײַן אין פּראָצעס פֿון אַרבעט, פֿון בויען, פֿון צוגרייטן. „זיא האבן [די שול און דעם אָרון־קודש] (מחנך) גוועזן אין דען ערשטן טאָג (פּסח שנת תל“א), זוא דשׂ דיא (מלאָכה) קיין יאַר איז אונטר האַנדן גוועזן„, שאַר, קלד/ב.

אונטערהאָפּ(ק)ען — אוטוו. ־פּ(ק)ע אונטער, ~געהאָפּ(ק)עט. אונטערטאַנצן,

אונטערשפּרינגען. א, בײַם טאַנצן אַ מאַזורקע. אויך זן טרוו. מאַכן מע זאָל האָפּקען. "'בראָדזשעט, מיטן 'טאַבון, דורך די זומפּיקע וועגן, א' קענדיק די פֿערד", ליטא, זב, ווילנע 1914. ־עכץ. ־עניש.

▯

אונטערהאַסטן — ▯ ורוו. האַפּט אונטער, ~געהאַפּט. פּפּ: ~העפּטן. אויסשטיקן פֿון אונטן. אונטערנייען באַפּוצעכצן. א, אַ קליידל מיט בלימעלעך. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

▯

אונטערהאָסן — אוטוו. האָף אונטער, ~ געהאָפּט. צײַטנווײַז האָפֿן. האָבן אַ ביסל האָפֿענונג, אַרויסקוקן אַמאָל אויף עפּעס. א, אויף גוטס. „יעדער פּעסימיסט האָפּט אַ ביסל אונטער„.
אונטערהאָצקען — אוטוו & טרוו. ־קע אונטער, ~געהאָצקעט. פּפּ: ~העצקען.

1. דזוו אונטערהאָפּקען. אָפּט מיט ז י ר.
„די כלי־זמר שפּילן שוין, און זיי בּיידע
טאַנצן, דרייען זיך, אַלטע ווײַבער האָצקען
זיך אונטער בּײַן זײַט„, ח. ד. גילדענבּלאַט,
בּײַן ▯טן אין האַנד, ווילנע 2 .1895.
אונטערהעצן צו אַ געשלעג, פֿאַרמעסט. „שטייט
אָן אַ זײַט און האָצקעט זיי נאָך אונטער:
נו, ווײַזט ווער שטאַרקער איז„, רייד. ־עניש.
אונטערהאַקן — טרוו. האַק אונטער, ~
געהאַקט. אָפּהאַקן פֿון אונטן (בּײַם וואָרצל,
נאָנט צו דער ערד). א, אַ בּוים. „אויך אַ
בּוים וואָס וואַקסט אין איין יאָר דרויף צוויי
מאָל פּירות זאָל מען אים א, ובאם לאו
טאָר מען ניט א אַ בּוים וואַס דרויף וואַקסט

פּירות“, ספֿר חסידים, רוסלאַנד? תק„ז? תקע“ז?
*א, אינמיטן בּליִען = אומבּרענגען
יונגערהייט. 2. האַקן אָבּער ניט פֿאַרענדיקן די
טואונג. אַרומהאַקן. א אַ דעמבּ און דערנאָך

אים אַראָפּזעגן. א אַ צווײַג אויף וועלכן

מע זיצט.

3. אָנקלאַפּן, אָנשלאָגן, אָנבּרעכן.
צעקאַליעטשען, צעמזיקן, צעבּײַלן. *א, אַן אויג,
די אויגן = מאַכן עס זאָל ווערן בלוי אָדער
שוואַרץ אָרום, עס זאָל געשוואָלן ווערן אַרום.
„אַ שטענדיקער יאָ...אַפּילו צו דער ווײַב וואָס
האַקט אונטער די אויגן“, קאָך I. א, די

אונטערהאָקן

בּיינער, די זײַטן, די פּיס. „ער איז געלאָפֿן
נאָך שיקסעס, האָט מען אים אונטערגעהאַקט
די פּיס“, רייד. „ר'האָט אַפּילו געהאַט שוין
בּאַשלאָסן איינמאָל אַז מע דאַרף יענעם א,
די ריפּן“, מלה, די גאָלדענע פּאַווע. „
אינאיינעם מיט חבֿרה אים אונטערשלאָגן די
אויגן, א, די זײַטן און אָפּרײַסן אַ לונג“, חג.
טמז, 1958 IX 12. ז י ך א, די זײַטן =
זיך שווער אָנמאַטערן. „זיי שלעפּן נעבּעך
זייער שווער געפּעק אַליין, [זיך] אונטער
האַקנדיק די זײַטן“, בּ. דעמבּלין, צוויי און
אַ דריטער. *די פּיס ווערן (ווי) אונטערגע
האַקט = זיי טוען וויי, ס'איז שווער צו
גיין. קללה: די פּיס זאָלן אים אונטערגעהאַקט
ווערן. *א, די פּיס = אויך: צונעמען דעס

מוט אָדער חשק צו גיין, צו טאָן עפּעס.
*די פּ̄יס האַקן זיך אונטער = מע פּ̄אַרלירט
די כּוחות צו גיין, צו טאָן עפּעס, צו רע.
אַגירן אויף עפּעס. „שוין בײַם ערשטן בּליק
אויף דעם עלטערן פּאָרל האָבּן זיך אים
אונטערגעהאַקט די פּ̄יס“, הרבֿ העפּ̄טערמאַן, פּ̄אָר,
1964 ▯ I l9. *א, די פּ̄ליגל = א) דזוו
א, די פּ̄יס; בּ) ווײַזן אַז אַ פּלאַן, אַ
פּראָיעקט, אַן אונטערנעמונג טויג ניט; ג) ניט
לאָזן עמעצן דערגרייכן עפּעס וואָס ער וויל;
ד) דערווײַזן אַז עמעצער איז נידעריקער,
ערגער ווי ער שטעלט זיך אַרויס. „אַזוי האָט
ער אַמאָל אין וואַשינגטאָן אונטערגעהאַקט
די פּ̄ליגל פּ̄ון אַן אַנטיסעמיט אין
אַמעריקאַנער סענאַט„, מ. אָשעראָוויטש, פּ̄אָר, 1964
2 II. *א, די קני (גאַליציע) = אויך ווי
א, די פּ̄יס, א, די פּ̄ליגל.
4. אָפּשנײַדן, אַרומשנײַדן, קירצער מאַכן.
א, דאָס קליידל וואָס איז צו לאַנג. *א,
די קאַפּאָטע, די קליידער = זיי קירצער
מאַכן, דער טראַכט זאָל ניט זײַן אַלטמאָדיש,
טראַדיציאָנעל, נאָר הײַנטמאָדיש, מעשׂה 'דײַטש';
אויפֿהערן טראָגן די טראַדיציאָנעלע ייִדישע
מלבּושים. „אַ משׂכּיל...ווער זאָגן...די

קליידער וועט מען א'!", פּרץ, זכרונות. „מע דאַרף אונטערשערן באָרד און פּאות, א, די קאַפּאָטע, לערנען רוסיש און קענען אַ מלאָכה,„ חג, טמז, 23 1964 X. א, אַן אָנצוג = קאַליע מאַכן בײַם צושנײַדן. *א, די נעגל = א) זיי אַרומשערן, אָפּקנײַפּן, אָפּבײַסן. „אַ טיגער קען מען אויך א, די נעגל„; בּ) ניט ווײַזן די נעגל, זיי אײַנציִען. „מוז דער וואָלף פֿון רויב די נעגל א, פֿאַרן ייִדנס האַרטן נאַקן", אַל III. *א, דעם קאָפּ = אויך: שלעכט אָפּשערן. „זע נאָר ווי מע האָט אים אונטערגעהאַקט דעם קאָפּ„, רייד. אויך שפּאַסיק בײַם פֿאָטאָגראַפֿירן. *(זיך) א, דאָס געוויסן = (מאַכן) אָנווערן דאָס געוויסן. "די הײַנטיקע אַריסטאָקראַטן האַקן זיך אונטער דעם סאָוועסט [= רוסיצ, געוויסן], שערן זיך אָפּ דעם שׂכל", דלוגאטש, וועלט־מסורה, וואַרשע 1881.

5 פֿאַרמינערן, קלענער מאַכן. אָפּשוואַכן.

.

א, דאָס געזונט. א, יענעמס האָפֿענונגען. „אַ שווערער האַרצפֿעלער האָט שוין לאַנג געהאַט אונטערגעהאַקט זײַנע כּוחות„, זך, לעקסיקאָן I.

6. צוגנבֿענען ,,זוכט אונטערצוהאַקן אַ וואַליזע אויפֿן באַן, קריכט אַרײַן אין אַ פֿרעמדן פּעלץ,,, פֿ. בימקאָ, גנבֿים. ־ונג. ־עכ[illegible]ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערהאָקן — טרוו. האָק אונטער, ~ געהאָקט. אָנטשעפּען, אָנטאָן אויף אַ האָק. א, אַ זײַטל פֿלייש און עס אויפֿהענגען.

אונטערהאָר — די. מצ ווי אצ. 1. בײַ מענטשן — האָר אויפֿן נאַקן, אַרום די געשלעכט־אָרגאַנען, אויף די פֿיס. אָפּגאָלן די א, פֿאַר אַן אָפּעראַציע. 2. בײַ פֿעל־חיות — האָר, פֿעל פֿון דער זײַט פֿון בויך. ,,בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלכלעך דאַרף מען האָבן אין זינען דעם חילוק צווישן אייבערהאָר און א"', ל. זאַמעט, ייִשפּ 3 .XX, 3. אונטערשטער טייל פֿון האָר אויף אַ פֿעל. ,,בײַם אויסהאָרן בלײַבט זיי קיין א, ניט,,, ה. וואולאַך, האנטביכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט, פּעטראָגראַד 1922.

אונטערהאָרבען — טרוו. ־בע אונטער, ~ געהאָרבעט. אויך: ~האָרבענען. מאַכן

עמעצן אָדער עפּעס הויקערדיק. א, אונטער דער שווערער משׂא. מיט ז י ך — ווערן הויקערדיק, שטאַרק אײַנגעבויגן. א, זיך פֿון אַלטקייט. א, זיך און בעטן אַ טובֿה.

אונטערהאַרטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געהאַרטעוועט. אַ ביסל אָדער צו ביסלעך האַרטער מאַכן. א, שטאָל. א, די יונגע זעלנערס. אויך מיט ז י ך. א, זיך מיט גימנאַסטיק. א, זיך אין שלאַכטן.

אונטערהאָרכן — טרוו. האָרך אונטער, ~ געהאָרכט. דזוו אונטערהערן, בלויז עמאָציאָנעלער. א, אַ געהיימען שמועס. „ווי זאָל זיך דאָס דערוועגן אַן ערלעכער קאָפּיסט, אַ מענטש וואָס האָט אונטערגעהאָרכט, זיך צו געבן דעם טיטל פֿון אַ פּראָפֿעסאָר?", בעמ ▯I. ־עניש.

אונטערהאַרן — אוטוו. האַר אונטער, ~ געהאַרט. אין 20. י"ה זן. אונטערוואַרטן. איך וועל א, אַ רגע, אַ מינוט אע.

אונטערהאָרעוואַניע — די, ־ס. אָנגעשטרענגטע אַרבעט און באַמיאונג במשך פֿון אַ קורצער צײַט. „אַ ביסל א, אויף פֿאַקטן האָט נאָך ניט געשאַט קיין שום ייִדישן פּובליציסט„, ש. מארגאָשעס, טאָג, 1955 ▯י 4.

אונטערהאָרעווען — אוטוו. ־רעווע
אונטער, ~געהאָרעוועט. אַ ביסל אָדער פֿון
צײַט צו צײַט האָרעווען, שווער אַרבעטן, זיך
אָנשטרענגען. „אַז מע וויל עסן, מון מען
אויך א'„, רייד. א, בײַם לערנען גמרא.
„בין הזמנים...דאַרף [דער מלמד] אַ ביסל
א, און צוקנעלן מיט די בעלי־הבתים...“,
חבֿרה מפֿיצי השׂכּלה, אַ פֿאָר ווערטער צו
,
יִדישע עלטערן וועגן חדר', ווילנע 1914.
אונטערהובל(י)ע(ווע)ן — טרוו. ־בל(ע,
יע, עווע) אונטער, ~געהובל(ע, יע, עווע)ט.
1. הובלען פֿון אונטן. א, די פֿיסלעך פֿון
טיש. 2. הובלען אַ ביסל אָדער צײַטנווײַז.
א אַ ברעט. זיך אַרומדרייען איבערן
וואַר,

אונטערהויט

שטאַט און כלומרשט א אַ לײַסטל. 3 פֿיג.
*
,
אַ ביסל אויסמענטשלען. א, די ווילדע חיה.
אונטערהוד(י)ען — ־ד(י)ע אונטער, ~
געהוד(י)עט. אויך: ~הודזיען, ~הודזשען,

[פֿרגל ~הידען]. אוטוו — אַרויסבּרעגגען צײַטנווײַז צעצויגענע, הילכיקע קלאַנגען. דער ווינט הוד(י)עט אונטער אין קוימען. טרוו — אונטערהעצן. "דעם טאַטן וועל איך שוין א,, איך און נאָך עטלעכע מענטשן וואָס איך וועל בּאַשטעלן דערצו", יאַ, גענאַרטע וועלט. ,,שלעכטע מענטשן וואָס הודען אונטער", קמ, 4 1862, No. ־עכץ. ־עניש.

אונטערהוזשען — ־זשע אוגטער, ~ געהוזשעט. דזוו דפֿוו. אויך: אַרײַנרעדן רכילותן אין אויער אַרײַן. א, דעם מאַן אַז מע בּאַרעדט זײַן ווײַבּל.

אונטערהוידען — טרוו. ־דע אונטער, ~ געהוידעט. אויך מיט ז י ך — רעפֿל. 1. וויגן, שאָקלען צו בּיסלעך. א, אַ קינד אויף די קני. ,,די קאָזאַקן, וועלכע האָבּו אויף פּיקעס אונטערגעהוידעט יִדישע קינדער אין פּראַ2. צוגעבּן מוט, חשק זיך צו שלאָגן, זיך גע", ע. רינגעלבּלום, כּתבים פֿון געטאָ II.

צו פֿאַרמעסטן. אונטערהעצן. א, מיט שטעכווערטלעך. ־עכץ. ־עניש.

אונטערהויז — דאָס, ~הײַזער. 1. דער גאָרן אין אַ הויז וואָס איז (צום טייל)

נידעאין דעם פֿײַכטן א'. 2. אַנשטאָט הינטערהויז.
ריקער ווי די ערד. קעלערשטובֿ. וואוינען
,,אין לאַנגן אַכסניהדיקן א, קלאַפּט מען אין
שטויסל,,, בערג, אָפּגאַנג.
3. אונטערשטע פּאַלאַטע פֿון אַ
פּאַרלאַמענט. ,,געוויינלעך קען דאָס אָבערהויז [=
אייבערהויז] פּראָטעסטירן אַנטקעגן...דעם א',,,
ייִפֿאָל, 1882 II 11. ,,דאָס אייבערהויז...און
דאָס א, האָבן ניט געוואָלט אָנגעמען די
ייִדישע פּעטיציע,,, טמז, 3 III l963.
אונטערהויז — דער, ־ן. (שנײַדער)
אונטערשטער טייל פֿון אַ הויז. איבערפּרעסן
איין א, פֿאַרריכטן אַן א'.
.
א רהויזן. די, בלויז מצ. פֿקפֿ: ~
הייזגאַטקעס. הויזן וואָס ווערן געטראָגן
(אויפֿן הוילן לײַב) אונטער די אייבערהויזן;
אונטערוועש־הויזן. ,,וויפֿל געמען זיי פֿאַר אַ
העמדגעניי, פֿאַר אַ פּאָר א', פֿאַר אַ
נאַכטהעמד,,, ש. בעקערמאַן, די געהיימניסע פֿון
אַדעס, אַדעס 1885. ,,דער איינציקער
ריכטיקער וועג איז צו געברויכן אַזוינע בענדלעך

וואָס טשעפּען זיך אָן צו די א'", דר, י.
מעריסאָן, היגיענע. „אין דער הייך האָבּן
געבּלינצלט שילדן אָנזאָגנדיק דער וועלט אַז
נאָר אין די א, פּילט מען זיך יונג", בּ.
דעמבּלין, ווערט סײַד.
אונטערהויט — די, ־ן. 1. אונטערשטע
שיכט פֿון הויט. „אונדזער הויט איז
אויפֿגעבּויט פֿון דרײַ שיכטן: אייבּערהויט,
לעדערהויט און א'", דר, י. איפּ, פֿגעז, פּאַריז
1948, No 1. "פּעטס וואָס לייגט זיך אָפּ
אין די א'־געוועבּן קען אַ לענגערע צײַט ניט
אַרויסרופֿן קיין שווערע שפּירונגען„ פֿגעז,

,

אונטערהויטיק

ווילנע 17 1931, No. וויטאַמינען זאַמלען זיך
אָן אין א'־פּעטס. 2. געוועבּ, הײַטל
אונטער דער פּעל. „שנײַדט אָפּ די פּעל [פֿון
קראָליק] אונטערשנײַדנדיק די ווייכע א',„ יאַכ
3 .I. געוועבּ בּײַ געוויקסן וואָס דערמאָנט
אין אונטערהויט. „וואַקסט אַ זונרויז הויך
און דין. / ליכטיק־געל איר קרוין
צענומען / אויף אַן א, פֿון גרין", הל, אַ בּלאַט

אויף אַן עפּלבּויס.
אונטערהויטיק — אַדי. 1. וואָס איז
אונטער דער הויט אָדער האָט אַ שײַכות צו
דער אונטערהויט. די גרויסע באַדײַטונג פֿון
די א'ע אײַנשפּריצונגען. א'ע קעמערלעך.
2. וואָס ברענגט טיף אַרײַן, הינטער דער
אייבערפֿלאַך. „באַוואָפֿנט מיט אָט דעם א'ן
קוק...איז אים לײַכט געווען אויסצוזוכן...
זײַנע העלדן,„ ב. ריווקין, אונדזערע
פּראָזאַאיק􏰀נר.
אונטערהויכן — טרוו. הויך אונטער, ~
געהויכט. הויכן, בלאָזן דעם אָטעם אַ ביסל
אויף עפּעס (כּדי רײנער צו מאַכן). א, די
ברילן און זיי אַרומווישן.

הוילט. פּפֿ: ~הײלן. 1. אַרויסגעבן פֿון
אונטערהוילן — 􏰀וטוו. הויל אונטער, ~

גע

-

צײַט צו צײַט ווילדע קולות. שאַקאַלן וועלן
באלד א'. א, ווי אַ געשלאָגענער הונט.

-

2. צײטנװײז װײנען, שרײען, קלאָגן (הויך

-

אויף אַ קול און האַרצרײסנדיק). א, אויפֿן
בראָך. ־עניש.

הוילט. פֿון אונטן מאַכן הויל, מאַכן אַ לאָך, אָ
אונטערהוילן — טרוו. הויל אונטער, ~

געלעכל. א, אַ צאָן. „מײלן־לאַנגע טונעלן װערן
אונטערגעהוילט אין דעם בויך פֿון דער ערד„,
ב פֿײגענבוים איבז, בעבעל, די פֿרוי און
.
דער סאָציאַליזם.
אונטערהויף — דער, ־ן. דזוו

הינטערהויז. זיך אויסהאָדעװען אין א', בײ די
פֿערדהויף. טײל הויף װאָס געפֿינט זיך הינטערן

שטאַלן.
אונטערהויקען — ← אונטערהאַווקען.
אונטערהויקערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געהויקערט. דזוו אונטערהאָרבען ←.

~געהול(י)עט. הוליען, זיך לאָזן וואוילגיין
אונטערהול(י)ען — אוטוו ־ל(י)ע אונטער,
-

פֿון צײַט צו צײַט. א, מיט וואוילע־יונגען.
א, אויף טיש און אויף בענק ־עניש.

.
אונטערהולכן — [...הוילעכן] אוטוו. הולך
אונטער, ~געהולכט. 1. צוגיין בשתיקה,
אומבאַמערקט (געזאָגט מיט ביטול אָדער מיט
כעס). א, און אָנשפּיצן די אויערן. 2. גיין
פֿון צײַט צו צײַט. א, אין שענק אַרײַן.
אונטערהונגערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געהונגערט פֿון צײַט צו צײַט ניט עסן

.
צו דער זאַט (זעט). אַ ביסל הונגערן. שלאָפֿן
אין הקדש און א'. „מ'האָט שוין באַצײַטנס
געהאַט אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן בײַ אונדז
אין דער היים“, באַש פֿאָר, 16 1963 XI.

,
„אין זײַן טאַטנס הויז וואו מע האָט היפּש
אונטערגעהונגערט„, אָשר פען, טמז, 1964
I 19. —ונג. ־ניש.

אונטערהוסטלען — אוטוו. ־טל אונטער,
~געהוסטלט. אונטערהוסטן מיט אַ קליינעם
הוסט. ← דווו. „האַלט אין איין א„ כּדי
מיר צו געבֿן אָנצוזעהערן, אַז ער האָט נישט
קיין צײַט„, ה. בּערגנער, איק, ר„ה תּשכ״ה.
אונטערהוסטן — אוטוו. הוסט אונטער,
~געהוסט. פּר: ~הוסן. אויך מיט ז י ך.
1. הוסטן אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט.
„וועלכער מיטליאָריקער אָדער עלטערער מענטש
הוסט ניט אונטער פֿון צײַט צו צײַט?„,
דר, ע. פאַט, טמז, 1964 ׳י12 I. „הערשעלע
האָט פֿון דעם ערשטן טאָג קומען קיין
גלופּסק באַקומען אַ קאַטער, אַ ביסל
אונטערגעהוסט״, ממוס, ווינטשפֿ. „ער פֿלעגט, נישט
פֿאַר מיר געדאַכט, א, מיט בלוט״, שע,
מנחםמענדל. 2. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבֿן
קלאַנגען ענלעכע צום הוסטן. „די גרויסע
קעסלען, וואו ס׳ווערן אויסגעקאָכט
אויפֿרײַסמאַטעריאַלן, הוסטן אונטער, ניסן, גרילצן„,
נ. הורוויץ, איק, ר„ה תּשכ„ה. —ונג. ־עכ ן.
־עניש. ־ער.

אונטערהוקען — ־קע אונטער, ~געהוקעט.
אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט אַרויסברענגען
די קלאַנגען הו־הו (אָדער ענלעכע) בײַם
אונטעריאָגן. ״איינער איז דאָס פֿערד, און די
איבעריקע זײַנען פֿאַרשווינדלעך וואָס האַלטן
אים בײַם צײַמל, טרײַבן אים, הוקען אונטער
און פֿײַפֿן און שרײַען,,, שע, פֿונעם יאַריד I.
טרוו — 1. אונטעריאָגן בײַ אַן אַרבעט. א,
די פֿוילִיאַקעס. 2. אונטערהעצן,
אונטערהוד(י)ען.
אונטערהורגן — [...הוירעגה טרוו. הורג
אונטער, ~געהורגט. פּד. פֿון צײַט צו צײַט
שטאַרק אָנשלאָגן, אָנברעכן די ביינער,
אָנשלאָגן מכּות־רצח. א, אַ ווײַב און קינדער
וו אַ שיכּור.
י
אונטערהורן — אוטוו. הור אונטער, ~
געהורט. אויך מיט ז י ך. (וועגן אַ פֿרוי)
צײַטנווײַז פֿאַרקערן געשלעכטלעך צוליב עפּעס
אַ געווינס. א, ווי אַ סאָלדאַטקע.
אונטערהיד(י)ען — ־ד(י)ע אונטער, ~
געהיד(י)עט. אוקר. 1. דזוו אונטערהוד(י)ען.
2. ספּעצ טרוו — אונטערהעצן,
אונטערבורען קעגן עמעצן אָדער קעגן עפּעס. צוגעבן

היץ, ברען, חשק אָדער מוט (זיך) צו שלאָגן, צו באַרעדן, צו טאָן עפּעס שלעכטס. [אַן אָפּט וואָרט בײַ ממום.] „דאָס הײַנטיקע שרײַען אין קלויז...איז דאָך אַן אָנגעשטעלטע זאַך. איינער האָט אונטערגעהידעט„, ממום, פּריזיוו.
„דאָס וואָרט אירס...הידעט זי אונטער צו פֿלאַקערן און צו רעדן, שפּעטן נאָך מער“, ממוס, ווינטשפֿ.
אונטערהידעניש — דאָס (די), ־ן.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערהידען. דאָס אָנהעצן, דאָס אָנריידן קעגן עמעצן. „און דערמיט צוגלײַך טאַקע — פֿײַנדשאַפֿט, קריג, אינטריגעס, רכילות, בלבולים און א, [פֿון] מענטשן קעגן מענטשן“, ממום, ווינטשפֿ.
אונטערהידער — דער, ־ס. ווג ־קע, ־ס.
אינטריגאַנט, אונטערהעצער, אָנרייצער. ווער

אונטערהייב

עס פֿירט צו מחלוקתן, צו טאָן שלעכטס.
„און דער יצר־הרע, דער א', זיצט...
פֿאַרבאָדגן דאָ אין קאָרב צווישן די נאַשערײַען“, ממוס, שלמה.
אונטערהיזקן — [...הע'זעקן] אוטוו. היזק

אונטער, ~געהיזקט. אָנטאָן עמעצן אַ ביסל היזק, שאָדן אָדער ברענגען מאַטעריעלן שאָדן פֿון צײַט צו צײַט. „אַ שותּף אַ דרייקאָפּ וואָס היזקט מיר אונטער“, רייד.

אונטערהיטן — טרוו. היט אונטער, ~גֿ־ היט. 1. היטן צו ביסלעך, ניט שטענדיק, ניט גענוג אָנגעשטרענגט. א, ווי אַ פֿוילעו שומר, ווי אַ שומר־חינם. „אַ דע הואַקסענ I טאָכטער דאַרף מען היטן, ניט א„„ ריי. 2. היטן בשתּיקה, פֿון אַ זײַט. א, די פֿאָIרדעכטיקע חבֿרה. 3. צוהיטן. א, די מ. זאָל ניט איבערלויפֿן, דאַס פֿלייש זאָל ניס צוגעברענט ווערן. 4. אָפּהיטן. א, די דאָטעס פֿון די צאָלונגען. א, מע זאָל גי אַרײַן אָן אַ בילעט.

מיט זיך — א, זיך פֿון אַן אומגעריכט י צרה. א, זיך פֿאַר (פֿון) עמעצן. א, זין מיטן געזונט. ־ונג. ־עכץ. ־עני. ־ער. ־ערײַ.

אונטערהייב — דער, ־ן. אַקט פֿון או־ טערהייבן. אַ מיטאַמאָליקער א'.

אונטערהייבן — טרוו. הייב [נר די

פֿאָרעם „הויבּ“] אונטער, ~געהויבּן. 1. היי
עפּעס שווערס ניט אויף לאַנג. א, מיט אַ
הייבּער, מיט אַ מאַשין. „ער האָט געהאָפֿס‎I,
דאָס ער וועט עטוואָס געפֿינען אין קעלעד
מיט וואָס די טיר צו א',„ ס. ג. מונק איבּ,
מסתּרי פּאַריז, וואַרשע 1865. „מע דאַרף [דאָס
הויז] א, אויף אַכט בּערוועגעס,„ אַר, 'דאָס
קליינע שטיבּל'. 2. אַ בּיסל הייבּן אַ גרי-
גע זאַך (אויף דערטראָגן עס ניט ווײַט). א,
דער בּאָבען דאָס פֿוסבּענקעלע. „מיט
ציטערדיקע הענט הייבּט ער אונטער די ש-
סל,„ פּרץ, חסידיש. „ווי ער האָט
אונטע‎Iרגעהויבּן די פּאָקרעשקע איז אַרויס אַ רוד.
סערה,„, חוסן ישועות, וואַרשע ‎l879. „צעשע
האָט אונטערגעהויבּן דאָס שטערצל פֿון
איבּערן טעפּל,„ בּ. דעמבּלין, גק, No 9.
3. הייבּן פֿון אונטן אויף אַרויף. א, אַ
בּרעט אין בּאַהעלטעניש און אַרויסקוק.
4. העלפֿן עמעצן בּײַם הייבּן. א, אַ זאַק
מעל אויף דעם טרעגערס פּלייצע. 5. העל-
פֿן זיך אויפֿהייבּן, זיך זעצן, זיך שטעל
אויף די פֿיס. א, דעם קראַנקן.

6. אויפֿהייבן בשתיקה, מע זאָל ניט זען.
א, פֿון דער ערד אַ מטבע. 7. פֿון צײַט צן
צײַט הייבן (און אַראָפּלאָזן). אַ טבֿע או־
טערצוהייבן די יאַרמלקע בײַם לערנען. "שטיי
איך מיר...אין פֿאָדערחדר...טאַפּנדיק זיך בײַ
דער קאַפּאָטע, בײַ די פּאות, אונטערהייבנדיק
דאָס היטל אויפֿן קאָפּ,,, ממוס, שלמה.
8 פֿאַרשאַרצן. אַ ביסל הייבן אויף אַרויף
.
(אַ מלבוש). א, די לאַנגע קאַפּאָטע. א, דאָס
קליידל בײַם אַריבערגיין די בלאָטיקע גאַס.
,,זי האָט בײַם אַריבערגיין דעם שוועל
אונטערגעהויבן דאָס קלייד,,, חג, טמז, 1965

ונטערהייבן זיך

7. *עס ווילט זיך אים א, דאָס (איר)
קליידל = וויל האָבן עסקים מיט איר.
"זי האָט אונטערגעהויבן אַ שפּיץ פֿון דעם.
פֿאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט, ש. איזבאַן,
טמז, 9 .7 1964. מאַכן עפּעס גרעסער,
ברייטער, העכער בײַ אַן אַרבעט. א, די

אַקסלען = אונטערלייגן וואַטע. א, די
קנאַפּל (שיך) = מע זאָל אויסזען העכער.
1O. באַוועגן אויף אַרויף מיט אַ גליד
. פֿון קערפּער. ,,ער האָט אונטערגעהויבן אַ
פֿוס פֿאַרקניפּט די ליפּן, געשטאַנען אַזוי אַ
-
,
. ווײַלע,,, אָפּאַ, 'מענדל'. ,,די פֿליג מאַכט

העס וויות, צאַפּלט זיך...און הייבט אונטער אַ
פֿיסל,,, ממוס, שירה. ,,האָט די אַקסלען...
-
. אונטערגעהויבן אַון אָפּגעענטפֿערט,,, בערג,.
. אַרוס וואַקזאַל פֿערד טוען אַ לויף
פֿאַר, רײַסנדיק די ווײדלען...און אונטערהייבנדיק דעם
, ,, .

הינטן", ממוס, שלמה. *א, די אַקסלען, די
פלייצעס = א) אויסדריקן אומזיכערקייט,
ניט וויסן וואָס צו ענטפֿערן; ב) אויסדריקן
פֿאַרוואונדערונג אָדער אַנטוישונג. *א, די

פֿיס, אַ פֿוס = אָנהייבן טאַנצן

לגארן אופֿן.
*א, דעם . .
הינטן = קאָקעטירן אויף אַ וואו —
*א, דעם עק = (גראָבֿ) זיך האַלטן גרויס;
זיך מאַכן וויכטיק.
11. אומפּ. זײַן דורכגענומען פֿון אַ שטאַרק .
געפֿיל. עס הייבֿט אים אונטער פֿון כּעס.
עס הייבֿט מיך (דיך, אים, זי אאַזוו)
און טער = עס רעגט אויף, מע ווערט צעהיצט
און מע וויל ועאַגירן קעגן אַן עוולה, .
אום רעכט, חוצפּה. בײַ אַזעלכע פֿאַלשע רייד,
בײַ אַזאַ גראָבֿקייט אע הייבֿט עס מיו .
און. טער און בֿיו גרייט... „ער האָט געלייענט די
שורות און עס האָט אים אונטערגעהויבֿן
פֿאַר פֿרייד און אויפֿבֿרויז„, מ. דלוזשנאָווסקי,.

. פֿאָר, 12 1964 I.
12. שטאַרק לויבֿן. א, עמעצן בֿיזן זיבֿעטן י
הימל. 13. געבֿן אַ העכערן אַמט, פּאָסטן. -
א, דעם סאָלדאַט און מאַכן אים פֿאַר אַ .

.סערזשאַנט

־ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

□ונטערהײבן זיך — ← דפֿוו. ספּעצ:

.1. זיך אַ ביסל אויפֿהייבן פֿון אַ ליגנדיקער

. אָדער זיצנדיקער פּאָזע. „ער הייבט זיך אַ

. ביסל אונטער און קוקט אויף מיר„, ממוס,

. פֿישקע. „ער האָט זיך אַ ביסל

אונטערגעהוי.בן אויפֿן בעט און באַטראַכט דעם עולם„,

.2 זיך אַ צי טאָן

.

פּרץ, 'מענדל ברײַנעס'.

□ אויף אַרויף. „אין דעם ספֿר 'מעשׂה מרכּבֿה,

.האָב איך געזען אַז בעת מע זאָגט 'קדוש,

קדוש, קדוש, זאָל מען זיך א, אַ ביסל“,

. מנשה אונגער, טמז, 3 .7 1960 XII.

און□

טערוואַקסן. „זע, ווי דער יונג האָט זיך

□ונטערגעהויבן אין איינע זעקס חדשים“,

רייד. „אין זעקס וואָכן אַרום האָט זיך דאָס

גראָז אונטערגעהויבן„, ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו

.1928 .4 שטײַגן (געזעלשאַפֿטלעך,

אינטעלעקטועל אאַ). אַרויסקריכן פֿון דער
אָרעמ. קייט און א, זיך צום מיטלקלאַס. זיך א,
צו די בּעסערע תּלמידים.
-
אונטערהייזלעך — די, מצ. קליינע

און() ,

טערהויזן. אויסוואַשן די א'. גומענע א, פֿאַרן
קינד וואָס בּאַנעצט זיך נאָך.
אונטערהייכן — טרוו. הייך אונטער, ~געֿ א
הייכט. (שנײַדעריש) אַרויפֿהייבּן, מאַכן אַ
בּיסל העכער. א, איין זײַט פֿון מאַרינאַרקע.
א אַ פלייצע.

אונטערהיילן — טרוו. הייל אונטער, ~
געהיילט. היילן אַ בּיסל אָדער בּהדרגה. א, א
אַן אַלטן אָדער אַ קבּצן. א אַן אַלטע וואונד.

א, די עקאָנאָמיע פֿון לאַנד. אויך מיט ז י ך.
א, זיך זומער אין די וואַרעמבּעדער. ־ונג.
אונטערהײַלן — ← אונטערהוילן.
אונטערהײַל — א
ן לד. דזוו אונטעראײַלן ←.

,,איך וואָלט ראַטן דאָס אײַערע ייִדן זאָלן זיך אויך א'...זיי וועלן דאָך מסתּמא אַרויס אים בּאַגעגענען,,, ל. לעוויץ איבּז, ל. לעוואַנדאַ, דער פּוילישער מאַגנאַט, ווילנע 1888. אויך מיט ז י ך — ,,איך וואָלט געוואוסט דאָס מײַן פֿאָטער וועט שטאַרבּן, וואָלט איך געוויס זיך אַ בּיסל אונטערגעהײַלט", נ. גליק, די שלעכטע פֿרוי, ווילנע 1893.

אונטערהייצן — טרוו. הייץ אונטער, ~ געהייצט. 1. אונטערלייגן בּרענשטאָף (שײַטלעך האָלץ, קינעלעך, קוילן אע), אָנצינדן און לאָזן בּרענען, כּדי עס זאָל ווערן וואַרעם, מע זאָל קענען קאָכן אָדער פֿאַר אַן אַנדער ניצלעכן ציל. א, דעם אויוון, די (ה)רובע, די פּליטע. ,,ער פֿלעגט אָנטראָגן און אַרײַנלייגן אין אויוון האָלץ און א', אַקוראַט ווי אַ ייִדענע", ממוס, מסעות. ,,זי האָט אָנגעצונדן דעם קאַנעץ, זי זאָל קענען א, דעם פּריפּעטשיק,,, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,אַז ער האָט אונטערגעהייצט — האָט געבּרענט; עס האָט געמעגט זײַן אַ ווינט סכּנות־נפֿשות", פּרץ, ,דער למדוואָווניק'. ,,דאָס האָלץ האָט ער צעהאַקט אין דיניטשקע שײַטלעך, אַז פֿייגע זאָל זיך נישט

מוזן אָנמוטשען בײַם א'„, רחל קאָרן, ערד.
*א, די באָד ← ב2. 2. פֿיג. אונטערהעצן;
אויפֿרודערן צו אַ קריגערײַ, מחלוקת. א,
מיט אינטריגעלעך, עס זאָל ווערן אַ פֿײַער
צווישן זיי. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער
(־ין, ־קע) — „[ע I און זײַנס גלײַכן,
מיט עטלעכע גענעראַלן, זײַנען די א'ס פֿון
אַ גרויס געפֿאַר“, יג, טמז, 14 1965 II.
־ערײַ.
אונטערהילכן — אוטוו. הילך אונטער,
~געהילכט. 1. הילכן, קלינגען, שאַלן אַ
ביסל אָדער צײַטנווײַז. א, פֿון שפּיץ באַרג.
2. הילכן פֿון אונטן אויף אַרויף. „די
פֿריידיקע אויסרופֿן און די מוזיק הילכן אוגטער
פֿון טאָל און דערגייען צו אונדז אויפֿן
שפּיץ באַרג„..
אונטערהילן — טרוו. היל אונטער, ~
געהילט. אײַנהילן, באַדעקן פֿון אונטן. א,
מיט אַ וואואַלקע דעם אונטערשטן טייל פּנים.
א אַ סטאַטוע.

אונטערהילף — די, ־ן. דזוו אונטערהעלף,
ב .

אונטערהימלדיק — אַדי. וואָס איז

אונאונטערהינקען

טערן הימל, זייער הויך. אַן א'ער פֿלי. א'ע
ווײַסע וואָלקנדלעך. א'ע רחבֿות. ־יקייט.
ונטערהימל(י)ש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם וואָס איז אונטערן
הימל. „פֿלי ניט אין די הימלען מיט דײַנע
לויבּווערטער, ניטאָ קיין הימלשע מענטשן,
פֿאַראַן נאָר א'ע, ערדישע“, רייד ־קייט.
— -
.
ונטערהימלען — אוטוו. ־מל אונטער,
~געהימלט. האַלטן שמאָל, ציטערן, ניט
זײַן מער פֿעסט. „ערשט ווען ס'האָט
אָנגעהויבּן אונטערצוהימלען, האָט מען זיך
געכאַפּט...,,, איק, 1964 י 15.
ונטערהינקען — אוטוו. הינק אונטער,
~געהונקען (אויך: ~געהינקט). 1.
שטענדיק הינקען אַ בּיסל. איין פֿוס איז אַ בּיסל
קירצער און ער הינקט אונטער. „דער
אײַנבּינדער, געננג ער הינקט אונטער אויף אַ
פֿוס, רעדט ער נאָך שעפּעליאַווע אויך,,, שע,
אָרעמע און פֿריילעכע. „...האָט

אונטערהינקענדיק זיך געשלעפּט איינער אַליין“, נאָטע
לוריע, אָוו, היימלאַנד, 2 .2 l961, No.
הינקען אַ געוויסע צײַט. א, אויפֿן צעקלאַפּטן
פֿיסל. ,,געקומען הײַנט פֿונעם וועג קוים
אַ לעבעדיקער — צעביסן פֿאַרשוואָלן,
און,
טערהינקענדיק אויף נאָך אַ פֿוס, ממוס,
ספֿך הבהמות.
3. אַרויסווײַזן ניט־גענוגיקע קענטשאַפֿט,
שוואַכקייט אויף אַ געוויס געביט; זײַן
שטומפּיק אויף עפּעס. א, אויף (אין) לייענען,
שרײַבן אאַזוו. ,,איין ושתּי האָט אַ ביסל
אונטערגעהונקען אויף דער עבֿרי,,, שע. ,,עס
דרייען זיך אַרום ייִדן וואָס קאָנען אַ סך
לשון־קודש, אָבער זיי הינקען אונטער ווען
עס קומט צו העברעאיש,,, באָש, פֿאָר, 1964
18 III. *א, אין רעדן = א)
אוגטערשטאַמלען; ב) זאָגן ליגנס פֿון צײַט צו צײַט.
,,גלייב אים ניט, ער הינקט אונטער אין
רעדן“.
4. האָבן דעפֿעקטן, זײַן ערגער ווי עס
באַדאַרף זײַן. (די) פּרנסה הינקט אונטער.
“די אָרעמע בידנע חיונה האָט אַזוי אויך

אונטערגעהו◌קען,,, יד. ,,נישט אויפֿן פֿעלד
פֿון שפּראַך אַליין הינקט אונטער די
ייִדישע טאָגפּרעסע“, ייִפֿאַ, 1938, 1. “דעריבער
האָט אונדזער פּראָספּעריטי אין די לעצטע
צוויי יאָר אַ ביסל אונטערגעהונקען,,, ל.
הענדין פֿאָר, 21 1964 III.

,

5. אַרויסוויַיזן דעפֿעקטן; טאָן ניט ווי עס
דאַרף צו זיַין. א, אין לערנען. א, אין דער
אַרבעט. א, מיט צאָלונגען צום קרעדיטאָר.
6. זיך ניט פּאַסן, אַריַינפּאַסן; זיַין
אומגעראָטן. די גראַמען הינקען אונטער. דער
נמשל הינקט אונטער און פּאַסט זיך ניס
צום משל. ,,דער פֿאַרגליַיך הינקט אונטער,
נישט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן“, אָפּאַ,
היברו. ,,די אַרגומענטן הינקען אונטער גאַנץ
היפּשלעך,,, נ. נאָרדאָן, טמז, 22 l953 I.
,,מיַין פֿעאיקייט אים...[צו] באַגריַיפֿן האָט
שטאַרק אונטערגעהונקען,,, ב. צוקערמאַן, איק,
ר,,ה תכש,,ו.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־עריַי.

אונטערהיסן

אונטערהיסן — ← אונטערהוסטן.
אונטערהיפּ(ע)ן — אוטוו. היפּ(ע) אונטער, ~געהיפּ(ע)ט. אונטערטענצלען, אונטערשפּרינגען, אונטערהאָפּ(ק)ען. ־עניש.
אונטערהיפּערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געהיפּערט. אַ ביסל, טיילוויַיז אויסמיַידן, אויספֿעלן, דורכלאָזן, אַריבערשפּרינגען. א, גאַנצע זיַיטלעך ביַים לייענען. א, שטיקער פֿון דאַווענען.
אונטערהיפֿט — די, ־ן. 1. אייבערשטער טייל פֿוס, גליַיך אונטער דער היפֿט. צעברעכן די א'. 2. אונטערשטער טייל פֿון דעם היפֿטנביין.
אונטערהיצן — טרוו. היץ אונטער, ~ געהיצט. 1. צוגעבן היץ. מאַכן הייסער. א, די באָד. „אויב מיר וועלן דאָס גלעזל...א, אויף אַ ליכט אַ לאַנגע ציַיט...,„ דר, מ. זוממאַנאָוויטש, די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887. „ער האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין קעלערל, אונטערגעהיצט דעם אייל־ברענער,„ ב. רעסלער, טמז, 2 .9 XII 1961. צוגעבן ברען. א, אַ דיסקוסיע.
3. דזוו אונטערהעצן; צוגעבן חשק (זיך) צו שלאָגן, צו קריגעריַי, צו זינד. „ווען דער

יצר־הרע זאָל ניט געווען מינטערן אים מיט
זײַנע שאַרפֿע רייצמיטל, א, אים...", ממוס,
שלמה. „מע האַלט זיי [די שלעגערס] אין
איין א'. אַז מע לייזט קיין געלט ניט, זאָל
מען כאָטש לייזן פּעטש", אי. דרוקער,
קלעזמער, קיִעוו 1940. „אַלע...האָבן אָנגעהויבן
אונטערצוהיצן דעם בעל־גוף אַז איבער די
ייִדעלעך...האָט ער געהאַט אַזאַ היזק", לדבֿ.
־עכ□ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערהיקען — ־קע אונטער, ~געהיקעט.
אוטוו — 1. היקען פֿון צײַט צו צײַט. א,
בײַם דערמאָנט ווערן. א, נאָך אַ פֿעטער
וועטשערע. 2. אונטערשטאַמלען. א, ווען מע
ווערט צעקאָכט. טרוו — זאָגן וואָס מע
באַדאַרף ניט. א, אין די אויערן אַרײַן אַ
סוד. א אַ רכילותל. אויך מיט ז י ך ־עניש.

אונטערהירזשען — אוטוו. ־זשע אונטער,
~געהירזשעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט
הירזשען (וועגן פֿערד). א, ווי אַן אָגער וואָס
דערשמעקט אַ קליאַטשע. „און בעת דאָס
פֿערד איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פֿון פֿרייד
און אונטערגעהירזשעט, האָט דער רײַטער...,,,
ש. איזבאַן, טמז, 2 .9 1964 □I. צײַטנוויַז

לאַכן ווילד, הויך. א, בײַ פּעפּערדיקע וויצן.
אונטערהכשרן — [...העכשערן] אוטוו &
טרון. הכשר אונטער, ~געהכשרט. געבֿן אַ
הכשר אויף עפּעס וואָס איז ניט אינגאַנצן
לויטן דין. א, אויפֿן ווײַן דעם 'כּשר לפּסח,.
אונטערהלכע(נע)ן — [...האַלכענען] הלכע
(הלכן) אונטער, ~געהלכעט (~געהלכנט).
אוטוו — דזוו אונטערהולכן (בײַבאַטײַט: מיט
גרויסע טריט, גיך). אַקוזוו — גיין צו פֿוס
אַ שטיק וועג. א אַ פּאָר וויאָרסט, ווען דאָס
,
פֿורל האָט זיך געשלעפּט באַרג־אַרויף.
אונטערהלצה — [...האַלאָצע] די, ־צות.

1 ,

שפּאַס, וויץ, לצנות פֿון אַ נידעריקער מדרגה.
דער נאַר מיט די א'צות. אַן א, אויפֿן רבינס
חשבון.
אונטערהנהה — [...האַנאָכע] די, ־חות.
הנחה, טעזע, פֿעסטשטעלונג פֿון אַ צווייטן
ראַנג פֿון אַ נידעריקערער מדרגה. ,,בנוגע
-
,
דער עיקר־הנחה צעגייען מיר זיך ניט. גייען

מיר צו דער א', און דאָ גייט שוין אין
דעם...,,, אַאַר, ייִשפּ XXII, 1.

אונטערהעבליעוועןְ — דזוו
אונטערהובלען ←.

אונטערהעטשען — טרוו. ־טשע אונטער, ~געהעטשעט. דזוו אונטערהעצן (מיט מער ביטול אָדער פּעיאָ). ,,ס'האָט זיך געפֿונען נאָך אַן איוואַן...און האָט אונטערגעהעטשעט דאָס פֿאָלק, און קלעפּ זענען געפֿאַלן ווי האָגל,,, ייִפֿאָל, 34 l887, No.

אונטערהעטשקען (זיך) — דזוו אונטערהאָצקען (זיך), ←. ,,די אַלטיטשקע האָבן זיך אונטערגעהעטשקעט און געזונגען שושנת יעקבֿ מיט אַ זיס ניגונדל,,, ממוס, ווינטשפּ.

אונטערהעכערן — טרוו. ־ער אונטער, ~געהעכערט. 1. (סוחריש) מאַכן אַ ביסל העכער. א, די פּרײַזן. א, די שׂכירות. 2. (שנײַדעריש) דזוו אונטערהייכן ←. ־ונג.

אונטעדהעלטלעך — אַדי. אינטערעסאַנט, פֿאַרווײַלעריש, וואָס העלפֿט צום אונטערהאַלטן זיך. ,,גאַנץ נײַע א'ע ערציילונגען“, שמואלזײַנוול פֿעדער, בדחן אין סאַסאָוו, שירה חדשה, לעמבערג l891.

אונטערהעל▯ — דער, ־ן. 1. הילף מן

הצד. טײַלװײַזע הילף, צוהילף. קריגן א, פֿון אַן אומגעריכטער זײַט. 2. אַקט פֿון אונטערהעלפֿן. אַן א, אײנס און צװײ.
אונטערהעלפֿט — די, ־ן. 1. אונטערשטע העלפֿט פֿון עפּעס. א, פֿון בנין, פֿון מאָנומענט אאַזװ. 2. אונטערשטע העלפֿט פֿון קערפּער. „דער מײדלבוזעם אָפּגעדעקט..., די א'...[אין] בלױע טולן„, יהואָש, 'מאַרדזשערי'.
אונטערהעלפֿן — אוטװ [אָביעקט אין דאַטיװ]. העלף אונטער, ~געהאָלפֿן. 1. געבן הילף פֿון צײַט צו צײַט. אַרױסהעלפֿן. א, אין אַן עת־צרה. א, מיט אַן עצה, אַ גוט װאָרט. „אונטער אַן ענגער צײַט פֿלעגט ער שטילערהײט נאָך א, א י ר מיט עטלעכע גראָשן„, ממוס, װינטשפּ. „װי אַ ברודער אונטעוצוהעלפֿן אין דעם געמײנזאַמען שטרײַט„, זשיט III , נ"י 1919.
2. העלפֿן אַ ביסל. א, דעם תּלמיד צו מאַכן די הײמאַרבעט. „מע זאָל זײ פֿאַרשאַפֿן אַרבעט אָדער זײ א, מיט אױסלאָג, ביז זײ װעלן צו עפּעס קומען„, קמ, 1863, No 16. „די דאָקטוירים װאָס שטודירן אױס קענען מיר נאָר א„ אָבער ניט שטערן“, אמד, די פֿרױען, װאַרשע 1872. „דאָס איז

געווען די זינד פֿון סדום...געווען זאַט מיט
בּרויט...געזעסן בּשלוה און קיין אָרעמאַן...
ניט אונטערגעהאָלפֿן,,, תּנחומא, שמות, וואַרשע
תּרמ"ו.

אונטערהעלפֿער

3. צוטראָגו, געבּן אַ גרינגע זאַך,
דערלאַנגען. א, מיטן שקעטעלע טאַבּעק.
4. אַרבּעטן צוזאַמען מיט נאָך עמעצן, וואָס
טוט די הויפּטאַרבּעט. ,,דער געזעל קען
דערווײַל נאָר א'. אַליין טאָן אַ שטיקל אַרבּעט
קען ער ניט", רייד. ,,ער זוכט אויף וואָס
אַ ווייכערע ערד און פֿאַנגט אָן צו גראָבּן
אַ נעסט. דער ,ער, גראָבּט און די 'זי, העלפֿט
אים אונטער", בּילדער פֿון טהיער לע□ען,
ווילנע 1898. ,,און וועלוול האָט
אונטערגעהאָלפֿן דעם פֿאָטער אין שוסטערײַ", הרבֿ
העפֿטערמאַן פֿאָר, 1964 X 11. ,,ער איז
,
דאָרט [בּײַם מצות בּאַקן] אַ רעדלער, וועל
איך דאָרט עפּעס בּיז צוועלף א'", אמד, דער
פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878.
5. כּלומרשט העלפֿן, מאַכן דעם אָנש□על

פֿון העלפֿן. „איינער שלעפּט, ציט, ווערט אָן
די כּוחות, און דער צווייטער העלפֿט אונטער

מיט געשרייען“, רייד. „ייִדישע קינדער
פֿלעגן זיך נאָר קוועטשן, א, מיט אַ סאָפּ ן„,
ממוס, ווינטשפּ. א, מיט אַ קרעכץ.

6. צושטימען, צובאַמקען, אונטערבאַמ ען
.
(צוליב חניפֿה, אונטערטעניקייט). „אַזאַ ייִד
האָט זיך שטענדיק זײַנע אייגענע חסידים...
...וואָס העלפֿן אונטער זייער תּנא קמא, באַמ
קען אים כּסדר נאָך„, ממוס 'צוריק אַהיים'.

7. ממשיך זײַן אַ צווייטנס רייד מיט דעם
זעלביקן געדאַנק, מיט אַ צוגאָב, נאָך אַ
ראַיה אע. „דאָס בחורל איז טאַקע אַ שליח
פֿון גאָט — העלפֿט אונטער דעם ערשטן
נאָך איינער“, ממוס, שלמה. „ער זאָל כאָטש
וויסן אַז אָט־אָט ווערט ער אַ טאַטע —
העלפֿט איר אונטער...די מלמדקע“, שע,
קליינע מענטשעלעך.

8. מיטזינגען, מיטשפּילן. או'נטערהאַלטו
ב13. „חבֿרה פּועלים, בחורים אַרום סיש
העלפֿן אונטער, דער אויפֿן געלענקל, יענער

אויפֿן בײַקולכל, איטלעכער מיט וואָס □ער קען“, ממוס, שלמה. “געהאַט אַ דין קעלכן..., אונטערגעהאָלפֿן לייזער דעם שנײַדער

באַזעצן אַ כּלה אָדער אונטערגעהאַלטן אים □ אַ מלך עליון,,, ממוס, קליינמענטשעלע. “געזונגען, אונטערגעהאָלפֿן ר, מלך דעם חזן“, שע. ־□

9. או'נטערהאַלטן, אונטערשפּאַרן. ,,זאָל □ער נעמען [דעם כּו□] אין דער רעכטער ה□נט, און ער זאָל דעם כּוס האַלטן איין טפֿח העכער פֿון טיש, און ער טאָר אים □יט אַנידערשטעלן, אויך א, מיט דער לינקער האַנט,,, לט2, נג/ב ־ונג ־עכ□ן ־עניש.

. . .

אונטערהעלפֿער — דער. ־ס. וונ □ין, ־קע, ־ס. ווער עס העלפֿט אונטער. ספּעצ געהילף, אונטערשטיצער, משורר. ,,דער היטלמאַכע□ דער א, בײַם משׂכּילישן מנין,,, פּרץ, זכרו□ות. ,,איך קען מיר מײַן שטעטל אַליין באַשטיין, איו דאַרף ניט קיין א'ס,,, א, מעש, ה [מ. עפּשטיין], די אומגליקליכע יתומה, וואַרשע 1878. ,,שפּיל אויפֿן פֿידל...נאָר שטילער.□.די

קליינע א, זאָלן זיך ניט אויפֿכאַפּן,,, בֿ. שאַ
פֿיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.
,,אין אַ ווײַלע אַרום איז איטשעלע מיט די
א, געקומען צוריק צו לויפֿן", ווײַס, ־ אַ
שטעטל. ־ערײַ.

אונטערהעמד

אונטערהעמד — דאָס, ־ער. העמד וואָס
מע טראָגט גלײַך אויפֿן לײַב. העמד וואָס
איז אונטער אַן אייבערהעמד. אַ ווײַס א'ל.
,,אונטר דר טיר גישטנדן [= געשטאַנען]
אין דר פֿינשט'...אין אונטר העמד,,, 'שו"ת
הרמ"א', קראָקע 1640 [הש I]. ,,מײַן א,
קען זײַן צעפֿליקט...די שטיוול אויך עטוואָס
צעריסן", ה. קליבאַנאָוו, קול חדש, ווילנע
1908. ,,איך נעם פֿון זיך אַראָפּ ס'רויט
וואָלענע א'", נאַד. ,,[ער] איז געשטאַנען
געבויגן, בלויז אין א'ל, מיט קײַלעכדיקע
הויזן,,, ח. פּעט, פֿאָש, 1956 I 13.
אונטערהענגען — הענג אונטער, ~
געהאַנגען, ~געהאָנגען (פּד ~געהענגט — טרוו).
אָנטוו אַראָפּהענגען, זיך נאָכשלעפּן. ,,זע, עס

הענגט עפּעס אונטער פֿון דײַן רעקל,,, רייד.
 טרוו — אָנהענגען פֿון אונטן. א, דעם אַטל
י
אַ ווײידל. א אַ גאַוועער־שערצל (אַ
צעראַט,
קעלע) אויפֿן קינד. ,,געמאַכס טיפּע
אײַנש יטן...און אונטערגעהאַנגען די קרוגן, אַז
דער זאַפּט זאָל אַרײַנרינען,,, ע. איזראַ, שיך
 ון קאַלאָשן, קיִעוו 1928. ־ונג. ־עכץ.
—עניש.
אונטערהע'נדלער — דער, ־ס. ווער עס
פּירט אונטערהאַנדלונגען. אַן ערלעכער א'.
,,אַרבּיטראַטורש...אודר אונטר הענדליר פֿון
 יִידן פרטייאן,,, יוסף מאַרשן, חנוך לנער,
פּיודדא 1774.
אונטערהעפּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~
געהעפּעט. דזוו אונטערהאָפּ(ק)ען (← , נאָר
אויף אַ מגושמדיקן אופֿן. א, ווי אַ
דאָרפֿישער איוואַן.

-

אונטערהעסטן — טרוו. העפֿט אונטער,
~געהעפֿט (~געהאָפֿטן). העפֿטן פֿון אונטן,

ו.העפֿטן. ← אונטערהאַפֿטן ־ונג.

.

אונטערהעצן — טרוו. העץ אונטער, ~
געהעצט. אָנרייצן, אָנשטעלן, פּראָוואָצירן צו
סאָן עפּעס וואָס איז ניט גוט (קעגן געזעץ,
קעגן גערעכטיקייט, אָנשטענדיקייט אע). גורם
זײַן אָדער פֿאַרשטאַרקן קריגערײַ, מחלוקתן.
א, די שיכּורים צו אַ געשלעג. א, די פּויערים
צו אַ פּאָגראָם. א, דאָס פֿאָלק צו אַן
אויפֿשטאַנד. א, דעם המון פֿאַלשע פֿרײַנד מיט
—
.,,
מסירות האָבן, ווי דער שטייגער איז, שטאַרק
אונטערגעהעצט,,, ממוס, יודל. ,,גוטע־פֿרײַנד
קעצן אים נאָך אונטער“, פּינסקער
שטאָטלוח, תּרס“ד. ,,האָבן אונטערגעהעצט דעם
פּראָסטן המון מע זאָל אונדז בייז טאָן,,,
אַיש יהודי [לעאָן ראַבינאָווי בלעטער,
פּעטערבורג 8 1900, No. ־עכI ו. ־עניש.
אונטערהעצער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע,
ס. ווער עס העצט אונטער. ,,אַ פֿינפֿטער
ניט צו. אַ צײַט פֿון האַס און ווילדקייט,

.

פֿון מסור און פֿון א, און צבֿועיאַק“, הל,

לידער פֿון גן־עדן. „אָן א, הערט אויף די מחלוקת„, א. מענעס, פּאָר, 19 XII 1964.

אונטערהעצקען — ־קע אונטער, ~ געהעצקעט. פֿרגל ~האָצקען, ~האָטשקען, ~העטשקען. אוטוו — אונטערשפּרינגען, 'אונטערטאַנצן, אונטערטענצלען, אונטערהאָפּ(ק)ען. א, בײַם טאַנצן. אויך מיט ז י ו.

,. ׳2

„אַז דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען אין צרות, דערפֿאַר האָט ער אין אָוונט זיך אַ ביסל אונטערגעהעצקעט“, ממום, ווינטשפֿ II.

טרוו — 1. אונטערהייבן, אונטערוויגן, אונטערטרייסלען. א, דאָס קינד אויף די קני. „די בלאָטע איז געווען פֿאַרפֿרוירן און דער פֿאַיעטאָן האָט אונטערגעהעצקעט די פֿאַרשוינען“. אויך מיט ז י ך. טרייסלען זיך, א, זיך אויפֿן פֿערדל. 2. דזוו אונטערהעצן (נאָר וועגן אומוויכטיקע זאַכן און מיט ביטול). א, מיט שטעכווערטלעך. ־עניש.

אונטערהעקלען — טרוו. ־קל אונטער, ~געהעקלט. העקלען אַ ביסל אָדער צײַטנווײַז, אָדער פֿון אונטן (בײַם פֿאַרענדיקן די

אַרבּעט). א, דאָס מאַנטעלע פֿאַרן קינד.
אונטערהער — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערהערן. אַן אומלעגאַלער א'. „צו שאַפֿן
מעטאָדן צו בּאַקעמפֿן די א'־אַפּאַראַטלעך„,
טמז, 16 19 X.
אונטערהערן — טרוו. הער אונטער, ~
געהערט. 1. הערן פֿון אַ זײַט, בּשתּיקה (ווען
די ריידערס ווילן ניט מע זאָל זיי הערן).
א אַ סוד. „הינטער דער וואַנט הערט מען
,

(אונטער) די אייגענע שאַנד“, שוו. „אַז מע
הערט אונטער וואָס מע דאַרף ניט, כאַפּט
מען אַ שנעל„, שוו. „שרעק דיך נישט, מײַן
קרוין, איך האָבּ אַלדינג אונטערגעהערט“, די
גענאַרטע וועלט, 1815? „צי קיינער האָט
ניט אונטערגעהערט דעם מוראדיקן סוד„, ש.
איזבּאַן, טמז, 2 .10 1964. אײַנהערן,
דערהערן. אײַנזאַפּן אין זיך דאָס געהערטע.
א, און אויפֿכאַפּן אַ ניגון און נאָכזינגען.
„דאָס טעאַטער האָט בּאַדאַרפֿט א, זייער
ריידעניש, נאָכשפּירן זייערע בּאַוועגונגען„, מןק,
טעאַטער און יִדיש טעאַטער. „זיי טאַנצן
פֿאַר שׂמחה און קלאַטשן, דער רודער האָט

אונטערגעהערט,,, פּרץ, 'אויף אַ זומער־
וואוינונג,.
אויך מיט ז י ך. זיך באַמיִען
אונטערצוהערן. ,,דאָס האַרץ זאָגט דעם מענטשן און
מיר קענען זיו נאָר א',,, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. ,,שאַ, שאַ...רעד ניט הויך,
זעסט ניט אַז די בחורים הערן זיך אונטער.
זיי האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן,,, קמ, 1866,
No 44. ,,איך און מײַן שוועסטער באַשטימען
זיך אונטערצוהערן [צו] אַ געשפּרעך צווישן
טאַטן און אַ פריץ,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אונטערהערער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ ע,
־ס. ווער עס הערט אונטער, ספּעצ
געשיקטער, געדונגענער אונטערצוהערן. מסור. ,,אַ
קאַטשקע אַז די גאַלעען [= געסטאַפּאָ]
געדונגען פֿיר טויזנט ייִדן אַלס א, אין יעדן
הויף'', פֿאַרשריבן פֿון רינגעלבלומען אין
וואַרשעווער געטאָ 1941 10.
אונטערהערשן — אוטוו. הערש אונטער,
~געהערשט. הערשן צו ביסלעך אָדער אַ
קורצע צײַט. א, אַ פּאָר חדשים און זיך
אָפּזאָגן פֿון דער מאַכט.
אונטערהערשעווען — אוטוו. ־שעווע

אונטער, ~געהערשעוועט. הערשן, געוועלטיקן

אונטערוואַלדבלום

צײַטנווײַז ביד חזקה, אַרויסווײַזן דערבײַ ברוטאַלקייט. א, אין שטוב ווי אַ פּרעה. א, מיטן חסד פֿון דיקטאַטאָר.

אונטערהקדשן — [...העקדעשן] טרוו. הקדש אונטער, ~געהקדשט. אָנמאַכן אַ ביסל שמוץ, אָנברודיקן צו ביסלעך. א, דאָס הויז, די דילן.

אונטערהרגענען

— [...ה— 1. לד. דזוו ארגענען] טרוו.

הדגע אונטעך, ~געהרגעט.

אונטערהוֹרגן ←. 2. הרגענען, דערשלאָגן אַ קליינע צאָל אָדער צײַטנווײַז. „די ספּאַרטאַנער האָבן געהאַלטן די העלאָטן אין מורא און זיי אונטערגעהרגעט, זייער צאָל זאָל ניט ווערן צו גרויס“.

מיט ז י ך — ביסלעכווײַז זיך אומברענגען דורך שווערער האָרעוואַניע. א, זיך איבערן שטיקל ברויט.

אונטערוואוקס — דער, ־ן 1. גרופּע

קוסטעס פֿאַר אַ וואַלד, קוסטעס אין אַ וואַלד.
2. יוגנט; דור וואָס וואַקסט אונטער.
נאָכוואוקס. אויפֿקומענדיקער, אויפֿוואַקסנדיקער
דור. „מיר זוכן פֿאַרשיידענע פֿאָרטלען ווי
צו דערציִען דעם...א'„, יג, טמז, IX 1958 14.

אונטערוואַטעווען — טרוו. ־טעווע
אונטער, ~געוואַטעוועט. 1. (שנײַדערײַ)
אונטערלייגן וואַטע בײַם נייען מלבֿושים. א,
אַ ווינטער־מאַנטל. א, די בּרוסט. 2. (
שוסטערײַ) א, וואַטע, עס זאָל זײַן וואַרעמער. א,
שיך, באָטיקעס.

אונטערוואָיען — אוטוו. ־יע אונטער, ~
געוואָיעט פֿון צײַט צו צײַט וואָיען. דער ווינט
.
וואָיעט אונטער אין קוימען. שאַקאַלו וואָיען
אונטער. א, פֿון הונגער ־עכ□ן ־עניש.
. .

אונטערוואַכמײַסטער — דער, ־ס.
אונטעראָפֿיציר אין קאַוואַלעריע.

אונטערוואַכן — טרוו. וואַך אונטער, ~
געוואַכט. אַ בּיסל, צײַטנווײַז וואַכן, האַלטן
שמירה, היטן עפּעס אָדער עמעצן. א, אַ
טראַנספּאָרט.

אונטערוואָל — די. מצ נבֿ. פּוך,

אונטערשטע שיכט וואָל וואָס וואַקסט אונטער דער
גרויסער וואָל. שיטערע א'. אַזוי אָפּשערן
די שעפּסן, עס זאָל בלײַבן בלויז די א'.
אונטערוואַלגערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געוואַלגערט. 1. אונטערקײַקלען. א, אַ
קלאָץ אונטער (צו) די פֿיס. 2. אַ ביסל
אויספּרעסן מיט אַ וואַלגערהאָלץ. א, די
לײַלעכער. מיט ז י ך — אַ ביסל, פֿון צײַט
צו צײַט זיך וואַלגערן. א, זיך בײַ קרובֿים.
א, זיך איבער (אין) אַלע קרעטשמעס.
אונטערוואַלד — דער, ~וועלדער. גרופּע
פֿון נידעריקע ביימלעך און קוסטעס פֿאַרן
וואַלד. לויט סל מוסטער. „אַחוץ דעם
יונגוואַלד דאַרף מען נאָך אונטערשיידן דעם א,
פֿון פֿאַרשיידענע קוסטעס און נידעריקע
ביימלעך וואָס וואַקסן בכלל ניט הויך„, א.
גאָלאָמבּ איבּד, ג. באָטש, געזןיקסן, וואַרשע 1922.
אונטערוואַלדבלום — די, ־ען. פּשוטע
פֿיאַלקע, האָט ניט קיין ריח. iola eanina ..

אונטערוואַלדניק
אונטערוואַלתיק — דער, ־עס. 1.
קרײַטעכץ וואָס וואַקסט אויפֿן
אייראָפּעאישן קאָנטינענט,

געוויינטלעך אונטער קוסטעס
פֿון ניסלעך. דער וואָרצל
פֿון א, האָט אַ ריח פֿון
פֿעפֿער און איז גיפֿטיק.

.A s a r u m eu□ס□aeum

2. קרײַטעכץ וואָס וואַקסט
אויפֿן צ פֿ ו ן אַמעריקאַנער
-
קאָנטינענט. אויך: ווילדער
אינגבער. מע פֿלעגט פֿון
געטריקנטן וואָרצל פֿאַרקאָכן
אַ טיי קעגן בויכווייטיק.

Asarum ari□o□ium, a□a-
rum cana(lense.

אונטערוואַליען — טרוו. -ליע אונטער,
~געוואַליעט. סל. 1. דזוו אונטערקײַקלען.
2. אונטערוואַרפֿן. א, מיסט בײַם פֿאַרקאַן.
3. אַנידערוואַרפֿן; אומוואַרפֿן. א אַ וואַנט,
,
אַ הויז. 4. אויסקלאַפּן, מאַכן בהדרגה
וואָליקעס. א, אַ פּאָר פּוישטן.

אונטערוואַלסן, ~וואַלצן — אַקןזוו. וואַלס,
וואַלץ אונטער, ~געוואַלסט, -וואַלצט. אַ
ביסל, פֿון צײַט צו צײַט טאַנצן אַ וואַלס

(וואַלץ). ליימענע פּיס וואָס קענען אַפּילו ניט א'.

אונטערוואַלצן — טרוו. וואַלץ אונטער, ~געוואַלצט. דורכלאָזן דורך וואַלצן פֿון אַ מאַשין. אַרבעטן מיט מאַשין־וואַלן בהדרגה אָדער טיילוויַיז. א, לעדער. א, אַ געוועב. ־עניש. ־עריַי.

אונטערוואַלק(עווע)ן — טרוו. וואַלק(עווע) אונטער, ~געוואַלק(עווע)ט. דזוו דפּוו. ספּעצ דורכלאָזן דורך וואַל(י)קעס. אַ ביסל וואַלקעווען. א, פּילץ. א, ליַילעכער אין אַ מאַנגל.

אונטערוואָלקנדיק — אַדי. וואָס איז (נאָענט) אונטערן וואָלקן. א'ער פּלי.

אונטערוואַנדערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~געוואַנדערט. פּפּ: ~וואַנדרעווען. אַ ביסל, צייַטנוויַיז וואַנדערן. א, ביז מע קומט צו אַ מקום־מנוחה. ־ניש.

אונטערוואַנט — די, ~ווענט. אונטערשטע אָדער הינטערשטע וואַנט. אונטערשטע זיַיט. „דער דיפּטעריט...קען זיך אויו אָנהייבן אויף דעם קליינעם צינגעלע און אויך טיפֿער אויף דער א, פֿון שלונד„, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש, די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887.

אונטערוואָנכען — ־כע אונטער, ~

געוואָנכעט. פּר. טרוו — בשתיקה אויסשמעקן, אויסניוכען, דערגיין עפּעס אויף אַן אומוועג (פּעיאָ). א, ווי עס האַלט בײַ זיי. אוטוו — אונטערשטינקען. אַרויסוואַרפֿן דאָס וואָס עס וואָנכעט שוין אונטער.

או'נטערוואַסאַ'ל — דע ׳י, ־ן. וונ נבֿ. וואַסאַל פֿון אַ וואַסאַל, אַן אָפּהענגיקער פֿון אַ וואַסאַל.

אונטערוואַסער — דאַס, ־ן. 1. וואַסער וואָס קומט פֿון אונטן, פֿון באָדן. דער בּרונעם איז ליידיק, קיין א, איז ניט

צוגעקו3׳,

מען. 2. וואַסער אין דער טיף פֿון אַ ים, טײַך, אָזערע. דאָס קאַלטע א'. געוויקסן אין א, פֿיש פֿון אייבערוואַסער און פֿיש פֿון
.
א,. א, [ווי אַן ערשטער טייל פֿון אַ צונויפֿהעפֿט] = וואָס איז אוגטערן וואַסער. א'־ט ו נ ע ל. א'־ג ע ו ו י ק ס ן. א'־מ י ג ע. א'־ק אַ בּ ל. א'־ש ט י י ן אאַ. ־דיק — אַדי. א'ע שטראָמען.

אונטערוואַסערן — טרוו. ־ער אונטער,

~געוואַסערט. 1. אונטערגיסן וואַסער. א,
מילך. א, משקה. א, דאָס פּעסל אָקעוויט
מיט אַ האַלבּ עמערל. א, די וואַזאָנען. 2 פּיג.
.
מאַכן ווייניקער שווער, ווייניקער
קינסטלעריש. א, אַ בּוך מיט בּאַנאַליטעטן. א, אַ
רעפּעראַט כּדי געפּעלן צו ווערן דעם
עולמגולם.
אונטערוואַסערפּלאָט — דער, ־ן. דער
רינען. ← דוווו. אויך: ~ שטייט סו
אָטייל פּון פּלאָט וואָ
וואַסערפּ אָטי ע.
ס

א טערוואַסערשי — די, ־ן. אויך. ־
שיל. סובּמארין. שיף (שיפּל) וואָס שווימט
.
פּ ־
אונטערן וואַסער [געניצט פּאַר מלחמה־
צוועקן] פּאַר די אָנפּירער פּון די א'ן (אָדער
· „
ווי די ייִוואָ־פּראָפּעסאָרן הייסן אונדז זאָגן:
פּאַר די ט ו נ ק שיפּן) איז זייער וויכטיק

צו קענען...יעדער בערגל און יעדן אָפּגרונט
אינעם דנאָ פֿון ים“, א. יאַקובזאָן, פֿאָר,
.II 19 4 22

-

אונטערוואָסענען — טרוו. ־פֿן אונטער,
~געוואָפֿנט. אויך מיט ז י ך. 1. באַזאָרגן
מיט וואָפֿן בהדרגה אָדער בשתיקה. א, די
מורדים אין די בערג. 2. באַוואָפֿענען ניט
אין דער גענוגיקער מאָס, ווייניקער ווי מע
דאַרף. א, אַפֿילו אַן אַליאירטן. 3. פֿיג.
צושטעלן 'וואָפֿן'. באַהילפֿיק זײַן אין אַ
פֿאַרמעסט. א, אונדזער פֿאָרשטייער מיט גוטע
אַרגומענטן.
אונטערוואַקלען — טרוו. ־קל אונטער,
~געוואַקלט. מאַכן עס זאָל ווערן אַ ביסל
וואַקלדיק, ווייניקער פֿעסט, ווייניקער זיכער.
א, די אמונה בײַ עמעצן אין עפּעס. א, די
אָנגענומענע מיינונגען.
מיט ז י ך — 1. אַ ביסל זיך וואַקלען,
זײַן צום טייל צעטרייסלט. א, זיך ווי אַ
שיכּור, ווי אַ שיף אין אַ שטורעם. “אַ
ייִדישקייט וואָס וואַקלט זיך שוין אונטער בײַ

זיי“, רייד. „די...פּאָזיציע האָט...זיך
אָנגעהויבן אַ ביסעלע אונטערצוּוואַקלען“, פּ.
סאַנדלער, טמז, 2 .23 ׳ 1965 I. האָבן ספֿקות,
ניט זײַן זיכער בײַ זיך. א, זיך בײַם
אויספֿירן אַ באַפֿעל. א, זיך אין דעם גלויבן פֿון
די קינדעריאָרן. ־עניש.
אונטערוואַקסן — אוטוו. וואַקס אונטער,
בּ י ן (אויך: האָ׳) ~געוואַקסן (~געוואָקסן).
1. (וועגן געוויקסן) וואַקסן העכער,
ביסלעכווײַז וואַקסן ביז צו דער געוויינטלעכער הייך
פֿאַר דעם מין. די ביימלעך זײַנען
אונטערגעוואַקסן. „שטעל די וואַזאָנען אויפֿן
פֿענצטער, וועלן זיי גיכער א',„ רייד. „אַז [די
ביימער] וואַקסן אונטער דאַרף מען זיי
אויסאיידלען“, רעד, מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט

אונטערוואַרטן

אַ סאָד, ווילנע 1900. .2 (וועגן בעלי־חיים)
זיך אַנטוויקלען ביזן צושטאַנד פֿון
האַלבאָדער גאַנץ־דערוואַקסנשאַפֿט. די הינדעלעך
וועלן א, אין צען וואָכן. ווי גיך די לאָשיקלעך
וואַקסן אונטער!
3. ווערן העכער, געוויקסיק. „אַז ער איז

אונטערגעוואַקסן און די קליידער זײַנען קורץ
געוואָרן, האָט ער געטאַדלט די קליידער‘‘,
ר, יעקבֿ מדובֿנאָ, משלי חכמה, ווילנע תּר‘‘ן.
,,וואָס מיינט איר, ווײַל זי איז אָן אַן עין־הרע
אַזוי אונטערגעוואַקסן? זי איז פֿאָרט ניט
מער אַלט ווי...ווי דרײַצן יאָר,,, עט, סערקעלע.
,,וועט די כלה א', וועט מען ניט דאַרפֿן
קיין פֿאַלבֿאָנקעס צו די העמדער,,, ליאָנדאָר,
נײַער בֿש, ווילנע 1844.

4. ווערן עלטער. ווערסט א, — ווערסט אַליין
פֿאַרשטיין. ,,אַז דאָס קינד איז
אונטערגעוואַקסן און שוין אין שטאַנד געוועזן אַליין
אַ בלעטל גמרא אײַנצובײַסן...,,, ממוס, ווינטשפֿ.

5. קומען צו דער מדרגה פֿון צײַטיקייט.
,,זייער אייניקל וואַקסט שוין אונטער און
ס'איז זי נישט מעגלעך צו פֿאַרהיטן פֿון
מאַנסבֿילשע אויגן,,, ווײַס I. 'די באָבֿעשיס
אָפּהיטן'. ,,עס וואַקסן אונטער שיינע מיידלעך
— שוין ניט פֿאַר אונדז‘‘, סעג, לירישע
לידער. ,,און וואָסערע שאַנסן האָט אַ [
נעגעריש] קינד...ווען ער וואַקסט אונטער, צו
קריגן אַרבֿעט,,, בצנ, טמז, 1964 II י 26.

6. ווערן דערוואַקסן. ,,דערנאָך האָבן
אָנגעהויבן די קינדער אונטערצוּוואַקסן‘‘, נחבֿ,

מעשׂה מבּן מלך ובֿן שפֿחה,. ,,און אַזוי
ה אָ בּ ן ז י ך די קינדער אונטערגעוואַקסן“,
צ. ז. רובּינשטיין, דער שרעקלעבער
קנססאָל, אַדעס 1883. ,,זײַנע קינדער, ווי זיי
זענען נאָר אונטערגעוואַקסן, זענען זיך
צעפֿאָרן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
7. ווען גרעסער, גרעבּער. ער איז אַ
זולל־וסובֿא און זײַן בּויך האַלט אין איין
א'. געקראָגן אַ טאַראַבּענץ אין נאָז און די
נאָז איז אונטערגעוואַקסן. *דער שׂכל (דער
נאַר) בּײַ דיר איז אונטערגעוואַקסן = איר,
בּיסט געוואָרן נאַרישער.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אתטערוואַרגן — ← אונטערווערגן.
אונטערוואָרט — דאָס, ~ווערטער. אָ
טייל פֿון וואָרט. דאָס וואָס איז ווינציקער,
קלענער ווי אַ וואָרט. ,,איז 'דעסט, פֿון
פֿונדעסטוועגן אַ וואָרט פֿאַר זיך אָדער בּלויז אַן א,?“.
אתטערוואַרטן — אוטוו & אַקוזוו. וואַרט
אונטער, ~געוואַרט. 1. וואַרטן אַ בּיסל, בּיז
אַ בּאַשטימטן מאָמענט. א, בּיז יענער וועט
אויפֿהערן שוין רעדן. א, בּיז די ריי וועט
אונטערקומען. א, בּיז די בּעלי־מלאַכות וועלן
פֿאַרטיק ווערן. ,,א, מיטן פֿאַרקויפֿן אתרוגים

בִיז נאָכן ערשטן בלאָז,, [= בִיז נאָך ראָשהשנה], ריי◌ד. *א, בִיז משיח וועט קומען = א) אָפּלייגן אויף אַ שפּעטערער, אומבּאַשטימטער צײַט; בּ) אויפֿהערן צו האָפֿן.

2. קומען און בּלײַבּן אַ געוויסע צײַט אויף איין אָרט (כּדי זיך צו טרעפֿן מיט עמעצן, דערזען עפּעס אע). א, (א ו י ף) אַ

או◌ נטערוואָרטשען

פֿרײַנד עטלעכע מינוט. ,,לאָמיר דאָ שטיין און אונטערוואַרטן דעם פּאַראַד", רייד. 3. איבּערוואַרטן, וואַרטן בּיז עפּעס גייט פֿאַרבּײַ. א, דער רעגן, דער שטורעם זאָל אַריבּער.

4. וואַרטן בּשתּיקה אויף עפּעס, אויף עמעצן. א, עמעצן און אים אָנבּרעכן די בּיינער. ,,...אָדער אפֿשר גאָר א אַ בּיסל און

,

מאַכן אַ געהיימען קימפּעט,,, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 19()9.

5. זיך ניט צוואַײלן (עפּעס דורכצופֿירן). לאָמיר נאָך א, מ י ט ן שידוך. א, מיטן אָננעמען דעם בּאַשלוס. א, מיט דער אָפּעראַציע,

ביז דעם חולה וועט ווערן בעסער. 6.
צוואַרטן; האָבן געדולד. א, מיטן דירה־געלט.
7. זײַן פּאַסיוו, ניט זײַן בכּוח עפּעס צו
טאָן. [וועגן אַ כאָלערע־יאָר] „ייִדן מוזן
דערווײַל א, און נישט שטאַרבן“, ייִט, פּוילן
III. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער.
אונטערוואָרטשען — ־טשע אונטער, ~
געוואָרטשעט. אוטוו — 1. מיט אומקלאָרע
קלאַנגען עפּעס זאָגן און גלײַכצײַטיק
אויסדריקן אומצופֿרידנקייט, פֿאַראיבל, ברוגז אע
געפֿילן. אונטערמרוקען. „גאָר אין אָנהייב איז
איטלעכער געזעסן ברוגז, עפּעס אָנגעדרודלט,
אונטערגעוואָרטשעט אויפֿן בעל־העגלה„, ממוס,
ווינטשפּ. „האָט זיך מײַן ערל געקראַצט אין
דער פּאַטיליצע, אונטערגעוואָרטשעט אונטער
דער נאָז“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע. „דער
'מליץ ממליץ המליצים, האָט שוין אויך
אָנגעהויבן ביסלעכווײַז א, אויף [ייִדיש]“, [מ.
דלוגאַטש], דער לאַכידיקער ווערטיל זאָגער,
לעמבערג 1883. “איר פֿאַרדאגהטע מוטער,
מיטן שווערן עול פֿון אַ האַלב טוץ בוגרותן,
האָט שטיל אונטערגעוואָרטשעט“, ר.
פּאַלאַטניק, איק, פּסח תשכ“ג. 2. אַנשטאָט
אונטערוואָרקען. אויך מיט ז י ך. „זיי האָבן

זיך אונטערגעוואָרטשעט און געלאַכט,,, פֿמ.
טרוו — סתּם עפּעס אונטערבורטשען,
אַרויסזאָגן אומקלאָר. א אַן ענטפֿער. ־עניש.

,

אונטערוואַרעמען — טרוו. ־עם אונטער,
~געוואַרעמט. 1. מאַכן אַ ביסל וואַרעמער.
א, די פֿאַרפֿרוירענע גלידער מיט אַ טרונק
משקה. א, דאָס עסן. א, דעם מאָטאָר פֿון
אויטאָ. ,,האָבן באַפֿוילן זיי צו שפּרינגען,
כּדי אונטערצוּוואַרעמען זייערע לײַבער,,, ש.
איזבאַיְ, טמז, 1964 II י 21. 2. צוגעבן
מוט, חשק, קוראַזש. א, די וואָס קווענקלען
זיך. ,,פֿלעגט ער, לייבצע, בשעת חדווה
דענסטמאָל א, דאָס איידעמל, דאָס צאַצקעלע זײַנס“,
ממוס, ווינטשפֿ. ,,די דעמאָנסטראַציאָנען ווען
א, און אויפֿמונטערן יענע אומצופֿרידענע
פּאַרטייען וועלכע פֿילן יעצט זייער
שוואַכקייט,,, וואָס ווילן די וואָציאַלדעמאָקראַטן אין
רוסלאַנד7, זשענעוו 1899. 3. אונטעריאָגן,
אונטערטרײַבן. א, די פּועלים. ,,מענטשן צום
אונטערטרײַבן, א', האָט אויך ניט געפֿעלט,
און פֿונעם אָרט האָט מען...זיך אַלץ ניט
גערירט“, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה,. 4.
אונטערהעצן, אָנהעצן. ,,אויך פֿיל נקבֿות זײַנען

מטגעגאַנגען מיט דעם נאַראָד און האָבן געהאָלפֿן דאַס פֿאָלק אונטערצוּוואַרעמען,,, קמ, 5 .29 1863, No. אײַנרעדן צום גוטן.

אַרויס4,

שטעלן פֿון דער בעסערער זײַט. ,,חבֿרה האָט אַ ביסל אונטערגעוואַרעמט, ס'האָט דער דוכס זיך אויף אים דערבאַרעמט", ממוס, יקדל.

אונטערוואָר(ע)נען — טרוו. וואָרן אונטער, ~געוואָרנט. אומדירעקט וואָרענען, מיט אַ רמז, מיט אַן אָנצוהערעניש. א, דעם שטרענגן מאָנער מיט אַ גלײַכווערטל.

אונטערוואַרז, ~וואָר — דער, ־ן. אַקט פֿון אונטערוואַרפֿן. אַ שײנער א, פֿון דער פּילקע.

אונטערוואַרסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון או'נטערוואַרפֿן (זיך). די א, פֿון ערשט־געבוירענע קינדער. ,,מורא פֿאַר

גאָט...דער גײַסטיקער תּנאַי פֿון יעדער
פֿרײַוויליקער א,‟, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און
קולטור, בּ״א 1949.
אונטערוואַרפֿיק — אַדי. 1. נעאָל. וואָס
מע קען, וואָס לאָזט זיך אונטערוואַרפֿן. אַ
גרינגער, א'ער שטיין. 2. וואָס איז
אונטערטעניק, וואָס וואַרפֿט זיך אונטער. וואָס ווײַזט
אַרויס אונטערטעניקייט. „איך האָב געמאַכט
אַן אונטערווירפֿיקע מינע און געזאָגט מיט
אַ שטיל קול:...„, ל. קאָברין איבּז, מאָפּאַסאַן,
II, נ„י 1914.
או'נטערוואַרפֿן — טרוו. וואַרף אונטער
~געוואָרפֿן. 1. וואַרפֿן ס'זאָל פֿאַלן אונטער
עפּעס. א, שטיינער אונטער דעם גאַניקל.
2. וואַרפֿן פֿון אונטן אויף אויבן. א,
אַ פּילקע. א, אין דער לופֿט דעם זיגער,
אונטערהאָצקען אים. „און פּלוצלינג! די ערד
האָט אונדז אַלעמען אונטערגעוואָרפֿן ווי אין
אַן ערדציטערניש‟, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג
און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931. אויך אומפּ.
עס וואַרפֿט אונדז אונטער בּײַם פֿאָרן
איבּער די גרודעס.
3. צוּוואַרפֿן עס זאָל זײַן נעענטער.
אונטערגעבּן. א, דעם האַמער צו דער האַנט.

א, די קלעצלעך צום שפּאַלטן. „אויסגעשפּאַנט
דאָס פֿערדל, אונטערגעוואָרפֿן דעם היי און
האָבער“, שע, טבֿיה.
4. אַוועקלייגן בשתיקה (כּדי פּטור צו
ווערן פֿון עפּעס אָדער כּדי צו מאַכן אַ
בלבול). א, גנבֿישע זאַכן, פֿאַלש געלט. א,
אַ ממזר (אָפּט געניצט פֿיג). א, טרייפֿענע
סחורה. א אַ טויט קינד (אויפֿצוּוועקן אַ
בלוט־בלבול). „נאָר וואשׂ מען האָט [דעם
הרוג] געפֿונן אין הויז פֿון דעם יהודי, אפֿשר
הט מען אים אונטר גווארפֿן„, שי, כ/ב.
“אַ שׂונא.. האָט אונטערגעוואָרפֿן [אַ טויט קינד]
לעבן אַ יהודי מע זאָל מאַכן מאָרגן אַ
בלבול אויף דעם ייִד„, משה אַהרן מליקאָווא
גליקמאַן, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898. „לכן
מעלדע איך דאָ אָן אַז נישט מײַן פֿעדער
האָט אָנגעשריבן [דע] ראָמאַן...און דער מחבּר
אָדער דער אַרויסגעבער האָט מיר
אונטערגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן ממזר„, אַבֿרהם יצחק
בּוכבּינדער [איבּז], דער פֿאַרשטעלטער פּרינץ,
וואַרשע 1895. „די מאַמע האַט עס
אונטערגעוואָרפֿן, ווײַל דאָס קינד האָט נישט געהאַט
פֿאַר דער וועלט קיין טאַטן„, חג, טמז, 1964

או'נטערוואַרפֿ

III י 3. *א, אַ פּגר, אַ שרץ (אָפּט געניצט
פֿיג). *א אַ בלבול = אויסטראַכטן און
,
פֿאַרשפּרייטן אַ בלבול. „די גנבֿים וועלן דיר
א, די גניבֿהשע זעק„, שע, אָרעמע און
פֿריילעכע I. *א, טרייף־פּסול = אויך:
פֿאַרוועריטע ליטעראַטור וואָס רופֿט צו רעוואָלוציע,
צו אַן אויפֿשטאַנד. „פּאָליציי האָט אַליין
אונטערגעוואָרפֿן טרייף־פּסול און דערנאָך
געקומען מאַכן אַן אָביסקע“, רייד פֿאַראַן אַ
„ .
מיטל...מע דאַרף אים א, ביכער, צײַטונג[ען]
און בריוו, וואָס זאָל אויסווײַזן פֿון זיי אַז
ער האָט צו טאָן מיט די פּאָליטישע
פֿאַרברעכער“, מ. ב. זאַביעןענסקי, די שווערע צײַט
II, וואַרשע 1887.
5. איבערגעבן אומדירעקט. אַרײַנוואַרפֿן
עפּעס אין רשות פֿון עמעצן. א אַ
פּאָ,
וועסטקע. א אַ גט = איבערגעבן דער פֿרוי
,

אַ גט קעגן איר ווילן (אויך אָן איר וויסן, דורך אַן אָפּנאַרעריַי). [דער אויסדרוק נעמט זיך פֿון דעם וואָס אַ גט האָט מען געקענט געבן ניט בלויז אין די הענט אַרײַן, נאָר צוּוואַרפֿן אָדער א, אין רשות פֿון דער פֿרוי, אין אירע ד, אַמות. דער אויסדרוק שטיצט זיך אויף 'ה ז ו ר ק גט לאשתּו', גטין, פּרק ח, א. נאָך די תּקנות דרבּינו גרשום, אַז מע טאָר ניט אָפּגטן אַ פֿרוי קעגן איר ווילן, האָט מען געוויינלעך געפּסלט אַן אונטערגעוואָרפֿענעם גט. אַרום דעם ענין זײַנען פֿאַראַן אַ סך קשיות און ספֿקות און אַ פֿאַרצווײַגטע רבנישע ליטעראַטור.] „בײַ מײַנע אָבֿות אַבֿותינו האָבּ איך דאָס ניט געזען און דער טאַטע האָט מיר קיין צעטעלעך אויך ניט אונטערגעוואָרפֿן“, ש. וואָלצינאָק, דעך בּאַקאַנטער דאָקטאָך, וואַרשע 1882. „ ווײַבּער האָבּן אים [דעם רבּין] אונטערגעוואָרפֿן קוויטלעך“, יצחק משה בּאַדער, צבֿיה פֿון אַדעסאַ, לעמבּערג 1905. „דער רבֿ טוט אַ קוק און זאָגט: ס'איז פֿאַרפֿאַלן. אַ גט קאָן מען אָנהענגען אָדער א'„, בּאַש, גימפּל תּם.

א אַ חרם = אָרײַנלייגן אין חרם

אומגע,

ריכט, אָן מתרה צו זײַן. „אַז יעקבֿ רײַפֿמאַן קומט צו אונדז...און עמעץ וואַרפֿט אונטער קעגן אים אַ חרם, אַ חסידישע קונ ,,,
פֿרץ, זכרונות.

6. געבן אומוויליק, מיט אַ לאַסקע. א, אַ הוספֿה. „ווינטש איך דיר אַז אויף איבעראַכטאָג זאָלסטו...ניט האָבן אויף שבת און...איך זאָל דיר א, אַ האַלבֿ", בערג, בײַם דניעפּער I. *א, אַ הונט אַ ביין (ביינדל) = א) עפּעס געבן אַ שלעכטן, אַ שׂונא, כּדי פּטור צו ווערן פֿון אים, פֿון זײַנע נגישות; ב) אונטערקויפֿן מיט עפּעס.

7. אונטערהעלפֿן, געבן אַ מתּן־בסתר. א, דעם אָרעמען שכן עטלעכע שײַטלעך האָלץ. „מר עוקבֿא מיט זײַן ווײַב פֿלעגן גיין...אין שול אַרײַן, און עס האָט געוואוינט אַן אָרעמאַן אין זייער שכנות, פֿלעגן זיי אים אַלע אינדערפֿרי א, פֿיר גראָשן אונטער דער טיר", לט2, לז/ב. „קיין שׂכירות האָט מען איר נישט געצאָלט, זי פֿלעגט איר א, אַן אַלטע קלייד, אַ פּאָר געטראָגענע שיך,,, מ. אחון, אַננאַ גריגאָריעוונאַ..., ווילנע תּרנ"ו.

-

8. געבֿן וואַרפֿנדיק. א, קערנדלעך פֿאַר
די טײַבעלעך. „ווי אַ הונט סלוזשעט, דרייט
דעם ווײדל פֿאַר איטלעכן וואָס וואַרפֿט אים
אונטער אַ שטיקל ברויט“, ממוס, קליאַטשע.
9. צושיטן, (צו)געבֿן עפּעס (צום עסן)
פֿאַר אַ בעל־חי. א, היי דער קו. א, האָבער
אין דער קאָרעטע. „אַזאַ קאַפּיטאַלנע קו מוז
מען דעריבער שטאַרק פּילנעווען. מע דאַרף
עפֿטערס א, אַ בינטל כּפֿול־שמונהדיקע
ציצית„, ממוס, קליאַטשע. „כאַפּט אָן די פֿערד
פֿירט זיי אריבערן שאַנץ, וואַרפֿט אונטער
... —
אַ ביסל אָבראָק“, הערצל אַפּשאַן, בית י״ראל,
וויזשניצער רבים הויף, סיגעט 1933.
10. אַרײַנגעבֿן, צוגעבֿן, זיך אַרײַנמישנדיק.
א אַ וואָרט בעת אַ שמועס. א אַ נײַעם
געַ,   ,
דאַנק. א אַ וואָרט און אָנצינדן אַ פֿײַער,
,

אַ נײַע קריגערײַ. (אַקטיאָריש) *א אַ וואָרט
,

= אונטערזאָגן.

11. אונטערהאַלטן (אַ פֿײַער) מיטן צווואַרפֿן (נאָך ברענשטאָף). א, האָלץ אין רובע. א, קוילן אין אײיװעלע, אין סאַמאָװאַר. „באַקט קאַרטאָפֿל און מאַכט אָן, אונטערװאַרפֿנדיק דאַרע צװײַגלעך, אַ רויך צו פֿאַרטרײַבן די קאָמאַרעס“, ממוס, שלמה. *א, פֿײַער = פֿאַרשטאַרקן אַ קריגערײַ.

12. צוגעבן, מוסיף זײַן (בײַם דינגען זיך). א, נאָך אַ פּאָר גילדוין פֿאַר מפֿטיר יונה. „נישקשה, איר װאָלט געמעגט...א, נאָך אַ האַלבן קאַרב„, ב. שאַפֿיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.

13. אַראָפּנעמען, מאַכן חיסור. א, דרײַ פֿון צען.

14. (שנײַדערײַ) אַ ביסל פֿאַרסטריגעװען, פֿאַרװאַרפֿן, אונטערסטריגעװען. א אַ פּליי,

- -

צע. א, די ברוסט.

15. (שוסטערײַ) גיך, בריהשדיק

אונטערשלאָגן (זוילן אאַ). „איך זעץ מיך נאָר אַנידער צום טישל און הייב אָן א אַ פּאָר

,

פּידניסקעס“, קמ, 23 1868, No.

16. שטעלן עמעצן אונטער דינסט אָדער קאָמאַנדע. מאַכן אָפּהענגיק פֿון עמעצן. א, די פֿאַרבּרעכערישע קינדער אונטער אַ געריכטלעכן אַפּיטרופּוס. „גאָט זאָל דיך ניט אונטר וואַרפֿן צו שאַלקהפֿטיגי, זונדרן צו גוטי לײַטין“, ספֿר מבֿחר הפּניניס, הומבּורג תּצ“ט.

17. מאַכן אונטערטעניק. מנצח זײַן. א, גאַנצע פֿעלקער און מדינות אונטערן אימפּעראַטאָר.

18. אַרויסגיין בײַם שפּילן אין קאָרטן מיט אַ קליינער קאָרט כּדי דער אַנדערער זאָל זי נעמען אָדער בּכלל געבּן אַ קלענערע קאָרט כּדי ניט אַרײַנצונעמען, ניט צו שלאָגן. א אַ נײַנטל.

,

19. פּר. אַנשטאָט אַרונטערוואַרפֿן, צענעמען אַ בּנין אויף מאַטעריאַל. א, אַן אַלט הויז. א, די שטאַל. א, דעם יאָך.

2O. אוטוו. אומפּ. ווערן אַזוי ווי
אונטערגעוואָרפֿן פֿון עפּעס אַן אינעווייניקסטן כּוח.
ציטערן. עס האָט אים אונטערגעוואָרפֿן פֿון

725

גרויס רציחה (אויפֿרעגונג, כּעס אע). עס האָט
אים אונטערגעוואָרפֿן ווי אין אַ קדחת.

אונטערוואָרסן — אַדי. אַרכ. איצט דטשמ.
דזוו אונטערגעוואָרפֿן ← ־הייט — „דער
.
געדאַנק איז אין שטאַנד אונדז אַרויסצוציִען
פֿון טרויער צו פֿרייד פֿון א, צו
זעלבֿ... ...
שטענדיקייט„, הגדה של פסח על־פּי נוסח
חדש, נ"י 1894.

אונטערוואָרסן זײַן — צזוו. אַרכ. איצט

דטשמ. דזוו זײַן אונטערגעוואָרפֿן. 1. זײַן אין רשות, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אַ מאַכט, אַ כּוח, אַ מענטשן. „אַלי ישובֿים זײַנד...דער אייסרליכה פּאָליצייא של השׂררות יר״ה מהישובֿים וואו זיא עטאַבּליהרט זײַנד אונטער וואָרפֿין„, 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה יצ״ו מיום הועד [נידרענהייט] מן כ„א אייר תּקל״ז'. „די [דינשׂט מײַד] זענן שון גשלאגן גנוגן ווען מן מוז זו איינר בּיזי הויז פֿרויא אונטר וואָרפֿן זײַן און מוזן פֿיל בּיטרי קללות פֿון איר איין נעמן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796.

2. זײַן אָפּהענגיק פֿון עפּעס אין דעם מענטשן גופֿא אָדער אין זײַן סבֿיבֿה. „און, דז ער שון זיכט ער איז אונטר וואָרפֿן און אונטר שידליכי פֿר קערטי אור זאַכין, וואַרום זאָל ער זיך ניט בּידענקן און, תּשובֿה טאָן„, בּע, ה. 1. „דער מענטש איז א'...דער גלוסטיקייט״, ר, משה בּר, אליהו, מלאכי קודש, וואַרשע 1839.

3. זײַן אָפּהענגיק פֿון אַ נאַטור־געזעץ. „זײַנען [די פֿרויען וואָס האַלטן זיך אָפּ פֿון זייגן] נאָך א, אָפּט טראָגן צו ווערן [= צו פֿאַרשווענגערן] און צו געבערן„,

מלכּה בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע
1836. „אַזוי ווי דער מענטש איז א, דעם
אומפֿאַרמײַדלעכן נאַטור־געזעץ פֿון גניבֿה,
איז...,,, מע□tה פֿון אַ קלוגן גנבֿ, לעמבּערג
1913.

4. זײַן בּאַווירקט, זײַן אונטער אַ השפּעה.
„די שופֿטים זײַן אונטר וואָרפֿן [די] משפּטים
פֿון דער תּורה גאַר פֿיל מער אַלז די
מלכים“, אַלכּסנדר סענדך עטהויזן, בּית י□ראל
ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. „די גאַנצי וועלט
איז אונטר וואָרפֿן מיט פֿר ענדרונג און, פֿאַר
וועקסלונג,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743. „א, זײַן
די מיינונגען פֿון איטלעכן בּאַזונדער,,, ממוס,
קליינמענטשעלע. „מען איז ניט א, קיין שום
אַחריות,,, ייִל איבּז, דר, א. א. יאַסינאָווסקי,
אויס פֿלייש און פֿליישיקס□, אַדעס 1909.

או'נטערוואַרפֿן זיך — ← אונטערוואַרפֿן.

1. רעפֿל. א, זיך אונטער (די רעדער פֿון)
אַ בּאַן. 2. ספּעצ ווערן אונטערטעניק, ווערן
אָפּהענגיק. אויספֿאָלגן. א, זיך די בּאַשלוסן,
דער מערהייט. „זאָ הבּי מיך אונטרוואָרפֿן
קודם־כּל דין ישׂראל“, בּריוו פֿון משולם זלמן
מדפּיס, זולצבּאַך תּקט,,ז ףשׂראל הײלפּרין,

ועד ארבע אַרצות, ירושלים תש,,ה]. ,,
געטראָפֿן דעם [רבין], זענען מיר צו אים
געגאַנגען און האָבן זיך אים אונטערגעוואָרפֿן,
מיר זאָלן ווערן זײַנע לײַט,,, יפּ. ,,הײַנע
איז געווען צו גרויס און צו ערהאַבן, זיך

אונטערוואַשן

אונטערצוּוואַרפֿן אונטער די פֿאָרשריפֿט פֿון
אַ חבֿרה“, מר, לעבנס־באַשרײַבונגען..., נ“י
.190
3. זיך אונטערגעבן. ,,אַלע אומות האָבן
זיך אונטערגעוואָרפֿן אַלכּסנדר מוקדון“. ,,די
אויפֿשטענדישע אַראַבישע [שבֿטים] קומען
איינער נאָך דעם אַנדערן און אונטערוואַרפֿן זיך,,,
ייִפֿאָל, 24 1881 XII. ,,זיך אונטערגעוואָרפֿן...
דעם שאַנטאַזש פֿון דעם עגיפּטישן
דיקטאַטאָר,,, דוד פֿלינקער, טמז, 23 1965 II.
4. זיך ניט קעגנשטעלן. ,,מדרגות...פֿון א,
זיך פֿון דעם גוטס צום שלעכטס ח“ו,,,
תּניא. ,,אומוויליקייט זיך א, רדיפֿות,,, ייִבל
.XXIII
5. אונטערקומען. ,,דערצו נאָך האָט זיך
אונטערגעוואָרפֿן אַ זײַטיקער ענין וואָס האָט

...פריטשמעליעט דעם קאָפּ,, שע, יאָסעלע
סאָלאָוויי. 6. צופּעליק זיך געפֿינען נאָענט,
ווערן (זײַן) האַנטיק. ,,דער בעזעם האָט
זיך מיר אונטערגעוואָרפֿן צו דער האַנט,
האָב איך מיטן בעזעם...,,, רייד. 7. ציטערן,
טרייסלען זיך. זיך א, אין בעט פֿון היכער
היץ. א, זיך פֿון כּעס, רציחה, אויפֿרעגונג.
8. מאַכן קאָזלקעס. זיך א, עטלעכע מאָל
אין דער לופֿט. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
או'נטערוואַרפֿעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. פּראָצעס פֿון אונטערוואַרפֿן. ,,איי,
שנײַדעריונג, דײַן א, טויג אויף כּפּרות,, (←.
אונטערוואַרפֿן, ב14). 2. היי, שטרוי וואָס
מע בעט אונטער פֿאַר די בהמות. 3. מיסט
פֿון בהמות. 4. קאָרטנשפּיל. ס'נעמען
אָנטייל צוויי פּאָר שפּילערס. לויט באַשטימטע
כּללים האָט מען דאָס דעכט צוצולייגן צו
די אַרויסגעגאַנגענע קאָרטן נאָך אַנדערע פֿון
דעם זעלביקן מין. עס געווינען די וואָס
בלײַבן אָן קאָרטן אָדער מיט אַ מינימום
פּונקטן.
אונטערוואָרצלדיק — אַדי. וואָס איז
אונטער דעם וואָרצל. א'ע ברואימלעך. ,,אַ
געפּילדער פֿון אַ געהיימען, א'ן שטראָם“,

הל, בלאַט אויף אַן עפּלבוים. ־קייט.
אונטערוואָרקען — ־קע אונטער, ~גע וואָרקעט. אוטוו — 1. פֿון צײַט צו צײַט וואָרקען, אַרויסברענגען קלאַנגען פֿון (ווי) אַ טויב. א, ווי טײַבעלע 2. רעדן ליבלעך, פֿרײַנדלעך. די באָבעשי וואָרקעט אונטער צו די אייניקלעך. טרוו — עפּעס אַרויסברענגען וואָרקענדיק. אונטערברומען. א, אַ ניגון. ־עניש.
אונטערוואַשן — טרוו. וואַש אונטער, ~ געוואַשן (זן ~געוואַשט. אָפּט מיט ז ד. רעפֿל. 1. אָפּרייניקן מיט וואַסער אע דעם אונטערשטן טייל פֿון גוף. א, אַן עופֿעלע עטלעכע מאָל אין טאָג און באַשיטן מיט טאַלק. „אַז די אשה דאַרף [אום יום־כיפּו] זיך אָפּציִען פֿאַר די ריינע טעג, מעג זי זיך אַ ביסל א'", ספֿר מקור הברכה II, מונקאַטש תּרנ"ה.
2. אַ ביסל אָדער צײַטנווײַז וואַשן, ניט וויפֿל מע דאַרף. א, גרעט. א אַ פֿלעק.
3. אונטערשווענקען. פֿאַרפֿלייצן. דער

גאָסאונטערוויאַזשען זיך

רעגן ווערט א, די תּבֿואה אויף די פֿעלדער.
,,איז דאָס וואַסער צו די פֿונדאַמענטן צו
און האָט זיי אונטערגעוואַשן, דורכגענעצט,,,
פּרץ, ,וועגן אַ שווימער...,.
4. פֿון אונטן, כּסדר, אַ לאַנגע צײַט
וואַשן (און אונטערגראָבן, קאַליע מאַכן,
צעשטערן מיט דעם). ,,וואָס איז דען זאַמד?
חוקרים זאָגן: אַמאָל איז געווען אַ פֿעלדזן
בײַם ים, האָט אים דער ים אונטערגעוואַשן,,,
פּרץ, וסידיש.
5. אַוועקוואַשן. אָפּמעקן מיט אַ פֿליסיקייט.
דער רעגן האָט אונטערגעוואַשן די מודעה,
אַז זי איז מער ניט צום לייענען. מיט
ז י ך אויך אוטוו — 1. זיך צוחנפֿענען, זיך
צומאַכן, אונטערלעקן זיך. א, זיך צום
באַלעבאָס. 2. פּרוּוון געפֿינען חן. א, זיך צו
אַ שיינער מיידל ־עכ ן ־עניש.

.

אונטערוויאַזשען זיך — אוטוו. ־זשע זיך
אונטער, זיך ~געוויאַזשעט. אוקר, וורר. פֿון
צײַט צו צײַט זיך אָנטשעפּען, זיך

אָנהענגען, צושטײן צו עמעצן. א, זיך מיט טענות.
א, זיך צו עמעצן, ניט לאָזן אים צו רו.
אונטערוויאָנדזלען — טרוו. ־דזל אונטער,
~געוויאָנדזלט. וויאָנדזלען אַ ביסל.
אונטעררײַכערן. א, די הערינגלעך. ־עניש.
אונטערוויאַנען — אוטוו. ־נע אונטער, ~
געוויאַנעט. 1. אָנהייבן וויאַנען, וועלקן
פֿאַר.
וועלקן בהדרגה. דער עפּלבוים האַלט שוין
בײַם א'. דער גאָרטן וויאַנעט אונטער. א,
ווי בלומען אָן רעגן. 2. פֿיג. זיך עלטערן,
אויסזען אַלט, אָפּגעלעבט. א, פֿאַר דער צײַט
ווי אַ וויסטע אַלמנה.
אתטערוויאַקען — ־קע אונטער, ~
געוויאַקעט. סל. אוטוו — צײַטנווײַז ריידן
ניטקלאָר. שטאַמלען און א'. אַקוז — זאָגן
ליגנס פֿון צײַט צו צײַט. א, אַ גאַנצע
געשיכטע.
אונטערוויגן — טרוו. וויג אונטער, ~
געוויגט. 1. באַוועגן אַ ביסל אַרויף און אַראָפּ
— אײַנצושלעפֿערן. שטריקן אַ זאָק און א,
אַ ברעקעלע אין וויגל. 2. אַ ביסל אָדער
פֿון צײַט צו צײַט הוידען. א, דעם ייִנגל אויף
דער הוידלקע. 3. שאָקלען אַ ביסל. זיצן

פֿאַרקלערט, רייכערן און א אַ פּוס. 4.
און,

-

טערהעצן. א, דעם המון. [אפֿשר בינדט זיך
דער בּ מיט iegeln י: . = מאַכן מוטנע.]
מיט ז י ך — 1. רעפֿל. זיך הוידען.
2. זיך שאָקלען. א, זיך ווי אַ שיכּור. „זײַן
געשטאַלט האָט זיך אונטערגעוויגט, זײַנע
פֿעטע ליפּן האָבן געלאַכט“, ש. איזבּאַן, טמז,
1964 17. 3. זיך אָננעמען מיט מוט.
„ער האָט זיך אונטערגעוויגט און אַרויס מיט
אָפֿענע דיבּורים“, רייד ־עכץ. ־עניש.

אונטערוויטע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־טע(ווע)
זיך אונטער, זיך ~געוויטע(ווע)ט. אוקר. זיך
באַגריסן און אָפּגעבן דערבּײַ דעם אַנדערן
כּבֿוד. (בּײַטעם: לפּנים, ניט זייער וויליק).
אונטערשאָקלען מיטן קאָפּ בײַם באַגריסן זיך.
א, זיך מיט אַ שני־בּשלישי.
או'נטערווײַז — דער, ־ן. אַקט פֿון או'
נטערווײַזן. אָנווײַז. עצה. געבן, קריגן אַן א .

אונטערווײַ'זונג — די, ־ען. אַרכ.
וועגווײַזונג; אָנווײַזונג. סכום עצות ווען
אויפֿפֿיר. „איר פֿרומא לײַט קומט הער. און,
קויפֿט מײַנה אונטר וייזונג און, לער„, בראַנט,
[האַנוי? 1626], שער־בלאַט. „קאָרצי אונטר
ווײַזונג פֿון בוכשטאַבירן אודר טראַכטן„,
יו ף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774.
או'נטערווײַזן — סרוו. ווײַז אונטער, ~
געוויזן. < דוווו & סל. 1. צוּווײַזן; ווײַזן
אַ ביסל; ווײַזן פֿון צײַט צו צײַט.
אונטערהעלפֿן; צוהעלפֿן. א, דעם ווער. „עס
פֿאַרשטייט זיך. איך ווײַז אים [דאַטיוו] אַמאָל
אונטער. ווי איר קוקט אים אָן, קען ער
שוין, אָטאָ דער שנעק, גאַנץ ביצה, קידושין,
כּתובֿות און נדה„, ממוס, ווינטשפֿ. 2. דזוו
אונטערווײַ'זן, ב1. א, דעם אָנפֿאַנגער,
לערנייִנגל. א, די ערשטע טריט אין דער מלאָכה,
פֿאַך. „דער רשע ווערט גישטראָפֿט אונט
אונטר גיוויזן אַל צײַט דוירך זײַן פֿרום
ווײַב„, בראַנט, באַזל 1602 [אַווע III]. ־עכ ן.

־עניש.

אונטערווײַ'זן — טרוו. ~ווײַ'ז, ~ווי'זן (אויך: ~ווײַזט). אָרכ. Mhd: un(ler־ו îsen.

1. אָנווײַזן (אויף) דעם ריכטיקן וועג; אָנווײַזן ווי צו טאָן ריכטיק. „איך דיך הון גפּרײַזט, אַז דו מיך הושׂט אונטר ווײַזט", 'שמואל הוגרלנס ליד וועגן ווערפֿלשפּיל', 15. י„ה [ריבֿ, קאַמף קעגן אַזאָרטשפּילן...]. „ווער ווערט מיכס אונטר ווײַזן, איך טאָר די שטיין ניט גיהויאן מיט קיינם אײַזן", ווילמערסדערפֿער כּ„י 'מלכים־בּוך', 16. י„ה [ייִבֿל XIII, 3־]. „טוט אונטר ווײַזן זינדיגי מענשן דען וועג פֿון תּשובֿה„, מהמ, רכד/א. „איין חסיד איז גירײַזט אין איין פֿרעמדי מדינה...דאָרטן דיא לײַט אונטר ווײַזן אין גאָטשׂ דינשׂט„, ה, מב/א. "דער גימייני מאַן מוז צום למדן גין, אונ, מוז זיך אונטר ווײַזן לאָזן„, אַלכּסנדך סענדך עטהויזן, בּית ישׂראל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724, הקדמה. „דא מיט זיא מיך אונטר ווײַזין זאָלין אונ אין גאָטשׂ וועג מיך צו ער לײַכטן„, משה אײַזענשטאַט [איבֿז], דרך הישר לאבֿן בוחן, [אָרט?] 1746.

2. לערנען. „[די מאַטראָנע וואָס האָט

אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבּן] האָט זיך פֿון
די פֿיר וועלן לאָזן אונטר ווײַזין אין די
יודישי...,,, שאַר, ה/ב. ,,פֿאטר און מוטר
אונטר ווײַזין ['פֿיל מיידליך']“, צאינה, כג/א.
,,דיזיר מלאך...אונטיר ווייַשׂט איר,,, בּחינות
עולם, זולצבּאַך 1744, לז/ב. ,,זאָל איטלכי
פֿרוי אירי טעכטר גאַר וואול אונטר ווײַזן
וואשׂ יודשקייט אַן טרעפֿט,,, עפּש, דרך הישר
לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ,,תּלמידי־חכמים
וואָס זיי נעמען זיו צײַט דעם המון־עם
צו א',,, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע ות
II, תּרל,,ב.   3.   דזוו או'נטערווײַזן, בּ1.
,,אַלזו האבּין מיר אים...אונסר ויזין לקצת
וויא ער זאָל מרגליות אין קאַפֿין [=
אײַנקויפֿן]“, גה.
או'נטערווײַזער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס ווײַזט אונטער. ,,זי איז
געווען מײַן א'קע אין שאַפּ און איך וועל
איר טובֿה קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן“, רייד.

או'נטערווײַלעכם
אונטערווײַ'זער — דער, ־ס. אַרכ. 1.
אָנווײַזער, מורה־דרך. ,,איצונד בּעונות האבּין
מיר...קיין אונטר ווײַזיר דער פֿאַר אונז וואז

מליץ איזט,,, אָריה ליבּ בּר, יהודה זעליגמן, תּקוני המועדים פיורדא 1729. ,,און, איצונד
,
מײַן הער. הער פֿאטר, דוא בּישׂט מײַן לרגר און, מײַן אונטר ווײַזר,,, קהלת שלמה, אַמשט 1744, עח/ג. 2. לערער, מחנך. ,,(בּרשות רבּי ומורי אקרא לאלהי צורי) מיט דער לובּ מײַנשׂ הערן און, מײַנשׂ אונטר ווײַזר איך רוף צו גאָט מײַנם בּישעפֿר,,, בּרכת המזון, אַמשט 1723, לג/א.
או'נטערווײַלן — ווײַל אונטער, ~געווײַלט.
טרוו — אַ בּיסל פֿאַרווײַלן. ,,ווּעסט א, ד געסט, בּיז איך וועל דערלאַנגען צום טיש,,, רייד. אוטוו — אַ בּיסל זיך פֿאַרהאַלטן. זיך (פֿאַר)זאַמען אַ בּיסל לענגער. א, אין וועג לענגער ווי מע האָט גערעכנט. ־עכץ. ־עניש.
אונטערווײַ'לן — אַדוו. אַרכ. ־Mhd: un(ler ilentך. 1. פֿון צײַט צו צײַט. אין דער צײַט. ,,אונטר ווײַלן מיט ויר בֿונף קנעכטן צוך ער צו זײַנר מוטר שפּאַצירן,,, בּבֿאבוך, ll. ,,די פֿרויא זאגיט: גיא נײַערט אבּ און, נידר, דאז איך דיך מאג זעהן אונטר ווײַלן,,, ספֿר משלים, קוא בּוך, מו/א. ,,אײַזו

דעקל...דען מן בראט אונטר ווײַלן דרויף“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, יג/כ.

2. דערווײַל, אין דער צווישנצײַט, בינילביני. „דאש אופֿפֿיר שטול...זאָל זײַן צו מיר אונטר ווײַלין, ווען איך ווער עש פֿאָרשין אונ, ביגערין“, סהמ, מלכים ב, טז, 15. „ווײַבר זעצן זיך אויף דיא גאַס און ערבטן [= אַרבעטן]...אונטר ווײַלן זיצט זיא אונ ווײַזט אירי בלוסי ארם„, לט1, גד/א. „אונטר ווײַלן איז פֿר גפֿאלן דש דר קיסר...„, שאַר, ז/ב.

3. אַמאָל (עס קען זיך טרעפֿן). מ t הייבט אָן מיטן וואָרט „אונטר ווײַלן„ דאָס פֿאַרטײַטשן דעם פסוק ,ויש אַשר יהיה הענן...„ (במדבר, ט, 20); תּי: „און אַמאָל...“. „אונטר ווײַלן איז איינר זײַן געלט פֿר שפּרייטן...„, סהמ, משלי, יא, 24. „עש אישט אונטר ווײַלן איין צדיק וויא וואַל עש אישט פֿור לורן, דענוכט בלײַבט ער אין זײַנר גירעכטיקייט„, טח, קהלת, ז, 15.

או'נטערווײַלעכס — אַדוו. פֿפֿ: ־לעכץ. דזוו הינטערווײַלעכס [אין אוקר וואו עס איז ניטאָ קיין ה]. „ער האָט געמאַכט א, אייגעלעך צו דער יונגער שיינער מיידל„, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. „וויפֿל

אַריסטאָקראַטן...פֿאָרן צו אַ גוטן ייִדן און שטופּן אים אַרײַן א אַ פּדיונדל“, ייִל, קמ, 20 1867, No.

,,א'לעכץ האָבּ איך אַלעמאָל געוואָרפֿן אַן אויג אויף מײַן מאַן און אויף מײַן טאַטן,,, עזי פֿאַל, [איבּז], צדקה, לאָנדאָן 1903. ,,ווײַס וועדנדיק ווי די וואַנט, האָט ער זיו אָפּגערוקט א, ווי פֿאַר אַ שרעקלעכער פֿאַרזעעניש“, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. ,,האָט דער ר, יודל געשיקט זײַנע צוויי פּאַרשוינען זיי זאָלן גיין א'לעכץ לאַנגזאַם און שטיל אונטער דעם רבּי,,, ספֿר שבֿחי רמ“ל, לעמבּערג [יאָר].

אונטערוויינען

אונטערוויינען — אוטוו. וויין אונטער, ~געוויינט. אַ בּיסל אָדער צײַטנווײַז וויינען. א, אין אַ ווינקל. א, און זיך בּאַקלאָגן אויפֿן מזל. א, און אויספּועלן בּײַ דער מאַמען. מיט ז י ך — ,,דערונטער האָבּן זיך אונטערגעקדייט הענער, אונטערגעווײנט זייגעדיקע קינדער,,, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878.

אונטערוויַס — די (דער?) מצ נבֿ.
ביליקע ווײַסע פֿאַרב וואָס מע ניצט צו
פֿאַרשמירן פֿאַרדעקן אַ טונקעלע פֿאַרב, איידער
,
מע פֿאַרבט איבער אויף אַ העלן קאָליר.
,,אויב איר ווילט ראָזע ווענט, וועט מען
דאַרפֿן ניצן א',,, רייד.
אונטערוויַסן — טרור־ ווײַס אונטער, ~
געווײַסט. 1. צוגעבן צו אַ שפּײַז מילך אָדער
סמעטענע. א, מיט סמעטענע. א, דעם באָרשט.
א, פֿישיויך. 2. אונטערקאַלכן. א, דעם
פֿונדאַמענט, די ווענט. 3. צומישן ווײַסע פֿאַרב,
עס זאָל אויסזען ווײַסער, העלער. ,,אַזאַ גרין
דאַרף מען אַ קאַפּעטשקע א',,. 4. ניצן
אונטערווײַס בײַם פֿאַרבן. א, איין צימער. 5 פֿיג.
.
אַ ביסל אויספּוצן. מאָלן אין העלערע פֿאַרבן.
א, די סיטואַציע, דעם באַריכט. ־עכץ.
־עניש.
אונטערווייען — וויי אונטער, ~געווייט
(ווייע, ~געווייעט אין פּר, אוק). אוטוו
— ווייען, בלאָזן אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו
צײַט. אַ ווינטעלע ווײַט אונטער. טרוו —
אַ ביסל אָפּרייניקן תּבֿואה פֿון שפּריי. א,

די תּבֿואה.
אונטערווייקן — טרוו. ווייק אונטער, ~
געווייקט. 1. אַ ביסל ווייקן, האַלטן אין וואַסער אָדער אַן אַנדער פֿליסיקייט. צעווייקן. אַ, דאָס גרעט אין נאָך אַ וואַסער. 2. האַלטן אין וואַסעד אונטן אָדער אַן אונטערשטן טייל פֿון עפּעס. אַ, דעם פֿאַרשמירטן לײַלעך אין דער וואַנע. 3. אַ ביסל ווייכער מאַכן מיט אַ פֿליסיקייט. אַ, די האַרטע סוכאַרעס אין (מיט) מילך. 4. אונטערנעצן מיט השתּנה. אַ, דעם מאַטראַץ.
5. פֿיג. אָפּשוואַכן, מאַכן ווייניקער שטײַף, שטאַרק, ווייניקער זיכער. אַ, יענעמס אַרגומענטן מיט פּשוטע פֿאַקטן פֿון לעבן. "נײַע צײַטן ווייקן אונטער פֿאַרעלטערטע טעאָריעס,,, רייד. אויך מיט ז י ך.
אונטערווייקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~געווייקעט. אונטערקרעכצן. אַרויסבּרענגען פֿון צײַט צו צײַט די קלאַנגען ווײַ־ווײַ (בײַטעם פֿון ביטול). אַ, אויף אמתע און כּלומרשטע צרות.
אונטערווילדעווען — אוטוו. ־דעווע אונטער, ~געווילדעוועט. צײַטנווײַז אָדער ביסלעכווײַז זיך אויפֿפֿירן ווילד. חבֿרה שטיפֿן

ניט, זייווילדעווען אונטער.
אונטערוויליען — אוטוו. ־ליע אונטער,
~געוויליעט. רוסיצ. rI,.]I] o זז: ־ > ־
אַ ביסל דרייען מיטן ווידל. א, מיטן עק, ווידל.
מיט זיך — 1. אונטערחנפֿענען. א, זיך פֿאַרן
נגיד. 2. פּרוּוון זיך אַרויסדרייען פֿון צו
טאָן עפּעס. א, זיך פֿון אַ שווערער אַרבעט.

7 ,

אונטערווימערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געווימערט. גאַליציע. אונטערקרעכצן;
אונטערכליפּען (ירמיה העשעלעס). א
אונטערווינדלען — טרוו. ־דל אונטער,
~געווינדלט. איינוויקלען אין ווינדעלעך ווי
ניט איז, אויף דער גיך. א, אַ קינד.
אונטערוויי'נדן זיך — אוטוו. ~ווי'נד זיך,
זיך ~וואו'נדן. אַרכ. Mhd: un(ler־v in(len.
זיך אונטערנעמען עפּעס צו טאָן; האָבן די
חוצפּה צו טאָן עפּעס. זיך אַרײַננעמען אין
אַז זי זינט. און אַל דער זיר אי א
ך אונסר
זינען. „איר מעכר [= מאַכער] מושׂן ווערדן

,

-

ווינט‘‘, 'שמואל הוגרלנס ליד וועגן
ווערפֿלשפּיל', 15. י,,ה [ריבֿ, קאַמף קעגן
אַזאַרט— רטן וועלן זיא איין שטושׂן‘‘, א
שפּילן...]. ,,[די מורדי] האבן זיך עפּישׂ
אונטר וואונדן, די פּפֿאָ
ווינץ.
אונטערווינטערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געווינטערט. ווי ניט איז, ערגעץ
איבערזײַן אַ ווינטער (אָן חשק, כמעט
געצוואונגענערהייט). בלײַבן שטעקן אין אַ העק און
א

 דאָרטן א,.
אונטערווינטשן — טרוו. ווינטש אונטער,
~געוואונטשן, ~געווינטשט. פּפֿ: ~
ווינטשעווען. 1. צװוינטשן. ווינטשן נאָך
עפּעס. א, נחת פֿון קינדער און אייניקלעך.
אויך מיט ז י ך — ,,— לחיים, לחײם —
האָט ער זיך אונטערגעוואונטשן — מיר זאָלן
זוכה זײַן צום אמתן שבת נחמו‘‘, נ.

גאָרדאָן, טמז, 1965 ‏י 14. 2. ווינטשן לפּנים
רענט און אים א, הצלחה אין זײַנע גע־ א
וועגן, יוצא צו זײַן. בּאַגעגענען אַ

קאָנקושעפּטן. 3. ווינטשן הינטערן רוקן. איר
אַנשטאָט שעלטן. א, דעם שׂונא ער זאָל
בּרעכן רוק און לענד. ־עניש.
אונטערווינקל — דער (דאָס), ־ען. ווינקל
פֿון אונטן פֿאַרשלאָסן זײַנען פֿאַר איר אַלע

„ .
פּופּציק טויערן פֿון 'בינה', און עס איז
בּלויז געבּליבּן אַ קליין א, פֿון אַ צווייפּל־ א
האָפּטיקער 'שיינקייט„,, שנ איבּז, בּיאַליק.
אונטערווינקען — אוטוו. ווינק אונטער,
~געוואונקען (אויך: ~געווינקט). 1.
ווינקען, פּינטלען מיט די אויגן פֿון (אין) אַ
זײַט, עמעצער זאָל ניט בּאַמערקן. געבּן אַן
אָנצוהערעניש מיט פּינטלען מיט די אויגן.
א, צו די צוהערערס אַז דער בּעל־דבֿר האַקט א
ליגנס. א, דעם יאָלד, ער זאָל האַלטן ס'מויל.
„די געפֿאַרבּטע מויד אינעם קורצן, שמאָלן
קליידל ווינקט אונטער די פֿאַרבּײַגייער„, מ.
לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 l962, No. ‏א, מיט
די בּאָקעס (היפּטן) — וועגן אַן אומאיידעלן

קאָקעטישן אופֿן גיין. 2 פֿון צײַט צו צײַט

.

ווינקען. א, צו אַ מיידל. 3. געבֿן

אָנצוהערעניש מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, מיט

ווינקט אונטער — יהודי בלא, מאַך זיך א

יעדער מין באַוועגרנג. „דרייט מיטן קאָפּ און

געפּגרט“. „די שרײַבער, ספּעציעל די יונגע,

האָבן אין אַזאַ פֿאַל אונטערגעוואונקען,

געמאַכט העוויות“, באַש פּאָר, 1964 י25 I. א

,

4. מרמז זײַן (נאָר מיט ווערטער, אָן שום

אונטערוויש

באַוועגונג). א, מיט צווײדײַטיקע רייד ־עכ 1.

.

־עניש.

ונטערוויסיק — אַדי. אויך: ~

וויסעוודיק. אונטערבאַוואוסטזיניק. וואָס איז או־

טערן שטאַפּל פֿון דעם וואָס מע ווייסט

אויף קלאָר, וואָס דערגייט צום

באַוואוסטזײַן. א'ע קלעמענישן. א'ער איך. פֿרגל

אומוויסיק. ־יקייט — ,,פֿאָרשט אויס די
ראָלע פֿון וויסיקייט און א, פֿאַר דער דיפֿער
Iנצירונג פֿון קלאַנגען אין פֿאַרשיידענע
שפּראַכן,,, ייִבל 2 XI, 1.
ונטערוויצלען זיך — אוטוו. ־צל זיו
אונטער, זיך ~געוויצלט. פֿון צײַט צו צײַס
זיך וויצלען. גוטמוטיק טרייַבן קאַטאָוועס.
א, זיך אויף עמעצנס חשבון.
ונטערוויקל — דער, ־ען. 1. אַקט פֿו
אונטערוויקלען. קאָמפּליצירטער א'. 2. דאָס
מיט וואָס מע וויקלט אונטער. דער א, קע
זיך צערײַסן. א'־פּ אָ ד ע ם אונטערשטעו
פֿאָדעם בײַם העקלען, וואָס אויף דעם וויקלס
מען דעם אייבערשטן.
ונטערוויקלען — טרוו. ־קל אונטער, ~
געוויקלט. 1. אַרומוויקלען, פֿאַרוויקלען Iו
אונטן. א, די קאָלדרע אַרום די פֿיס. א, די
פֿיס מיט דער קאָלדרע. א, די פֿיס מיס
אָנוטשעס. 2. אַרומוויקלען נאָך אַ ביסל.
א, דאָס קינד פֿאַרן אַרויסטראָגן עס אי
דרויסן. א, גלאָזוואַרג בײַם פֿאַרפּאַקן. 3. או־
טערדרייען; פֿאַרדרייען. א, אַ נײַע קאַשע

(ספּראַווע, דיעלע), דער קאָנקורענט זאָל ￼ין
ניט קענען אויסוויקלען. ־ונג. ־עניש.
ונטערווירען — טרוו. ־רע אונטער, ~
געווירעט. 1. מאַכן ליניעס מיט דער הילף
פֿון אַ ווירע אונטער באַשטימטע ווערטער,
צייכנס אע. א, די גערּאָטענע
פֿאָרמולירובגען. 2. אונטערשטרײַכן (אויך אָן דער הילף
פֿון אַ ווירע) באַשטימטע ווערטער, צייכנס
אע כּדי ןיי אַרויסצוהייבן. א, די ווערב￼,
די סופֿיקסן אאַזוו. ־עניש.
ונטערווירצן — טרוו. ווירץ אונטער, ~
געווירצט. 1. צוגעבן, אַרײַנטאָן אַ ביסל
געווירץ אין אַן עסנוואַרג צו באַטעמען עס.
א אַ מאכל. א, געבראָטנס. 2 פֿיג. צ￼־
, .
געבן שאַרפֿקייט בײַם רעדן אָדער שרײַב￼.
א אַן אַרטיקל מיט אַ פּאָר וויצן. א אַ
גע, ,

שיכטע.
ונטערווירקן — אוטוו. ווירק אונטער,
~געווירקט. 1. משפּיע זײַן אַ ביסל אָדעו
צײַטנווײַז אויף עפּעס אָדער עמעצן. א, אוי￼ו

גאַנג פֿון די געשעענישן. 2. ווירקן
אומדירעקט (אַזוי ווי בשתּיקה, דער באַווירקט Iד
זאָל עס ניט מערקן). א, מיט אַ קלוג י
עצה, מיט חניפֿה אויף עמעצן. אויך טר .
זן. א, די אָפּשטימונג דורך פֿראַגעס צוס
פֿאָרזיצער. ־ונג.
ונטערוויש — דער, ־ן. 1. אַקט פֿו
אונטערווישן. אָן איַליקער א'. 2. דאָס מיס
וואָס מע ווישט אונטער. אַ ווייכער א'.
ונטערווישן — טרוו. וויש אונטער, ~
געווישט. 1. ווישן (רייניקן, טריקענען) עפֿעס

אונטערוועב

י פֿון אונטן. א, די אונטערשטע רעמלעך.
2. אָפּרייניקן אונטערשטן טייל פֿון גוף. א,
אַן עופֿעלע, אַ קראַנקן. *איכ'ל אים א'? =
גראָב. איך וועל אים ניט אָפּרייניקן, ניט
פֿאַרטיידיקן פֿון דעם שלעכטס וואָס ער האָט
-
געטאָן. „— ער וועט אָנמאַכן און דערנאָך
. זאָל איך קומען א'? ניין, ברודערקע1„, רייד.

מיט ז י ך — זיך א, מיט אַ בלאַט. „אָבער
. מע טאָר זיך ניט א, אויף ווייכע ערך,
. דען זי ווערט צעבּרעקלט“, לט2, סד/ב. *קענסט
זיך מיט דעם א, = וואול, מע דאַרף עס
ניט, עס האָט ניט קיין שום ווערט. 3.
ווישן נאָר אַ ביסל, אויבּנאויף אָדער פֿון צײַט
. צו צײַט. א, דעם שטויבּ פֿון די פּאָליצעס.
א, די בּיכער. 4. אַ ביסל, צום טייל
אָפּמעקן. א, דאָס געשריבּענע. 5. וואול.
קנעכ טיש (הינטיש) עמעצן דינען. „ער לעקט אים
דעם הינטן, ער ווישט אים אונטער און קריגט
אַ פֿײַג„. 6. אויפֿפּרעסן, אויף גיך
אויפֿ
. עסן. א אַ בּרויט איינס און צוויי. ־ונג.

,

־עכץ ־עניש ־ער. ־ערײַ.

. .

ונטערוועבּ — דער, ־ן. געוועבּ וואָס
קומט ווי אַ יסוד פֿאַר אַ געוועבּ איבּער דעם.
. אַן א, פֿון פֿעסטע פֿעדעם.
אונטערוועבּן — טרוו. וועבּ אונטער, ~
געיוועבּט. 1. צווועבּן כּדי צו פֿאַרענדיקן. א,

דעם טעפּעך, מאַכן אים לענגער. 2. וועבּן
פֿון צײַט צו צײַט. א, אין דער פֿרײַער צײַט.
.
־ונג ־עכ ן ־עניש.
. .
או'נטערוועג — דער, ־ן. 1. וועג וואָס
גייט אונטער אַ צווייטן וועג אָדער בּכלל פֿון
. אונטן און איבּער דעם איז עפּעס פֿאַראַן.
. דער א, דורך טונעלן. אַ דירעקטער א'.
.2. דזוו הינטערוועג. ,,איידער די חבֿרה זענען
* צו אים צו, האָט ער געהייסן די פֿרײַלין...
אַוועקגיין דורו אַן א',,, אַמעריקאַנישע גליקן,
וואַרשע 1895. 3. שפּיצל, אײַנפֿאַל. דריידל,
. שווינדל. דזוו הינטערוועג. דורך מיאוסע א'ן
אַרויסבּאַקומען יענעמס פֿאַרמעגן. אָפּנאַרן
דעם שׂונא מיט אַן א'.
אונטערוועגיש — אַדי. נעאָל. וואָס איז,
. האָט אַ שײַכות צו זײַן אונטערוועגן. וואָס
.איז שייך צו אַ נסיעה. א'ע ריחות. ,,אַז
. מע קומט אָן קיין ניו־יאָרק, טוט מען אַ
שאָקל אָפּ פֿון זיך אַלע א'ע
איבּערלעבּענישן‘‘, בּאַש, פֿאָר, 4 1962.

או'נטערוועגל — דאָס, ־עך. 1. דזוו
הינ טערוועגל. זײַטיק וועגל. „...קוקן אויפֿן
בריי. טן אָספֿאַלט־וועג וואָס איז געלאָפֿן צווישן
 די זאַמדיקע א'עך„, אָפּאַ, ,מענדל'. 2.
אַרויס. דריי. אויסוועג מיט אַ חכמהלע, אַ המצאהלע.
 ער זוכט נאָר א'עך. „און דער דין אין
. שולחן־ערוך וואָס דאַכט זיך שטייט ווי אַ
י מויער, האָט פֿאָרט אַן א, על־כל־פּנים — אַ
יוצא־מן־הכּלל„, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.
או'נטערוועגן — טרוו. וועג אונטער, ~
געוואויגן. וועגן ניט ריכטיק, אַזוי אַז די וואָג
זאָל זײַן אַ קלענערע. א, אַ זעקל תּבֿואה.
אונטערווע'גן — אַדוו. Mh: un(1er
egen. אין וועג, אין מיטן וועג בײַם גיין,

8,

פֿאָרן, בעת אַ נסיעה. איידער מע קומט צום
ציל פֿון אַ רײַזע. ניט אין דער היים. בּ
פֿאַרטײַטשט 'בּדרך, — „אונטער וועגן„.. „העט
איך דיר נישט גשיקט מיט דיזן שליח, דען
מן נעמט אים אונטרוועגן אַלז הוועק“, פּראָגבּ.
„דא ער נאָך אונטר וועגן וואַר און, קאַם צו

בילעגרן ירושלים“, סהמ, דניאל, יא, 19.
,,איין מענש גיט אונטר וועגין און, גזלנים
וואַרטין אים אויף ממית צו זײַן“, נצ1,
מז/ב. ,,אַלזו איזט בעלי זצ“ל אונטר וועגין
...גיוועזין“, גה. ,,מיר הבן אבר זער פֿיל
[שרעק]...אונטר וועגן,,, מאַרשן, חנוך לנער,
פֿיורדא 1774. ,,די האַרבעריקן וואו ער וועט
רוען א'“, חה, ב. ,,נאָך אַ יאָר שוין א',
בײַ די טיפֿע אָפּגרונט־ברעגן“, אָר, 'נאָך אַ
יאָר'.

ל אָ ז ן א, — אַרכ. דורכלאָזן; לאָזן אין
א זײַט פֿאַרפֿעלן. ,,ווער דא הערן וויל —
— . —
דר הער, און, ווער עשׂ ניט טון וויל —
דער לאס עשׂ אונטר וועגן,,, יוסיפֿון, אַמשט
1661. ,,אַפֿילו אם תּענית און, תּשעה־באָבֿ
און, סליחות טעגין לוזין זיא קאָרטן שפּילין
ניט אונטר וועגין,,, stoה II, ה/ב. ־דיק
— אַדי.

אונטערוועגנס — אַדוו. דזוו אונטערוועגן
[דפֿוו זייער אָפֿט אין אַלטער און עלטערער
ליטעראַטור, זעלטענער אין לשון פֿון 19.
און 20. י“ה; א, — פונקט דער היפּוך.]
זײַן עטלעכע וואָכן א'. ,,ער [= היש,,ת]

באַהיט זײַנע פֿרומע א'“, מס, משלי, תּקע,,ד,
ב, 8. ,,א, איינמאָל זיץ איך מיר אויף דער
קעלניע פֿון מײַן בײַדל“, ממוס, פֿישקע.
,,איך וועל אַוועקגיין א', און וואָס ס'וועט
זיך מיר טרעפֿן...“ פֿמ [בײַ אונז יודן].
,,מע זאָל דאָס בײַ אים חלילה א, נישט
אַוועקלקחענען,,, שע, טבֿיה. ,,גוט צו זײַן
איז א, אין די ערשטע וואַרעמע רעגנס“,
לייב נײַדום. איציק קיפּניס האָט אַ בוך
אונטערוועגנס. אויך סובֿ. אַ שווערער א'. ,,נאָכן
אומקערן זיך אַהיים פֿון א, האָט ער...“,
באַש, פּאָר, 1959 ◌י18 I. ־דיק — אַדי.
אונטערוועג'גס — ← דפֿוו. [דער ריטעם פֿון
זאַץ באַשטימט, ווען צו ניצן א, וואָס טרעפֿט
זיך זעלטענער ווי דפֿוו.] ”ברויט א, איז קיין
משׂא ניט,,, שון. ,,וואָס מע קען געפֿינען א,
זאָל מען ניט מיטנעמען,,, שוו. “צו פֿוס א,
אַליין פֿלעגט ער נעבעך צו מוזן גיין“, עט,
לידער. ,,דאָ האָבן זיי א, דערהערט, דאָס
עס איז אַ גרויס אומגליק געקומען,,, ילג,
◌יחת חולין. ,,די פֿייגל...רוען א', ווען זיי
ווערן מיד,,, מר III. ,,זינט דער צײַט פֿון
די אָבֿות א◌ז דאָס פֿאָלק ישׂראל א,,,, א.

מענעס, פֿאָר, 9 1965 I.
אונטערוועטן זיך — קזוו. וועט זיך
אונטער, זיך ~געוועט (~געוואָטן). זיך וועטן
פֿון צײַט צו צײַט אָדער וועטן זיך ניט
זײַענדיק אינגאַנצן זיכער צו געווינען. א,
זיך אויף עפּעס.
אונטערוועלגערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געוועלגערט. אַ ביסל וועלגערן
אויסקאַטשען אַ בלאַט טייג. א, אַ בלאַט לאָקשן.

אונטערוועקן

אויך דז בב וואָס ~וואַלגערן (←). אויך
מיט ז י ך.
אונטערוועלדל — דאָס, ־עך.   קלײנער
אונטערוואַלד, ←. „אַ סאָסנע־וואַלד האָט ניט
קיין א'„, ד. האָכבערג איבז, שמײַל, געוויקסן.
אונטערוועלט — די, ־ן. 1. נידעריקסטע
שיכט פֿון דער געזעלשאַפֿט מיט
אומגעזעצלעכע און מיאוסע פּראָפֿעסיעס. טייל
אײַנוואוינערשאַפֿט וואָס באַשטייט פֿון
פּראָפֿעסיאָנעלע קרימינעלע פֿאַרברעכערס, פֿון גנבֿים,
אַלפֿאָנסן, פּראָסטיטוטקעס אע. געהערן צו דער
א'. אַ פֿאַרשוין פֿון דער א'. אַ גאַנצער

מאַכער אין דער א,. די פֿירעכצן אין דער א'.
די א'־שפּראַך. האַנדלען ווי די א'. ,
שטאַרקע', פּאַסערס, אויספּרעספּערס,
פֿרויענהענדלערס, — דאָס פֿאַרביקע בינטל פֿון דער
א',,, רייד. ,,עס איז בײַנאַכט, אין אַ האָל.
אַ באַל פֿון דער א'. דער טיפּסטער
געהיימענישפֿולער שמעלצטאָפּ“, דא פֿון בערלין
,
ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930. ,,35
א'־פֿאַרשוינען...זענען בײַנאַכט אַרעסטירט
געוואָרן,,, טמז, 28 1964 X.
2. שאָטנוועלט וואו מע קומט נאָכן טויט.
שאול. ,,,...אויפֿפֿירן די שענסטע אָפּערעטן:
אָרפֿעאוס אין א'...וכדומה,,, קמ, 1868, No
,
14. ,,אין א', אין שאָטנלאַנד, וואו שוואַרצע
ווינטן ווייען, דאָרט וואוינט דאָס גרויסע
גײַסטער־פֿאָלק, דעם קאַלטן טויטס אַרמייען“,
יהואָש, ,שאול'.
אונטערוועלטיש — אַדי. וואָס איז פֿון
אָדער איז ווי אין אונטערוועלט. א'ע געזעצן.
־קייט — ,,די סמאָטשע־גאַס [אין וואַרשע]
וואָס איז געווען באַרימט מיט איר דלות
און מיט איר א',,, באַש.

אונטערוועלטניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע,
־ס. ווער עס געהערט צו דער אונטערוועלט,
צו די פֿאַרבֿרעכערס. גיי, מענטשל אויס אַן
א'! „א'עס אין...וואַרשע [זענען] גרייס געוועז
זיך אײַנצושטעלן פֿאַרן ייִדישן כּבֿוד„, ל.
לאַסאַווין, אַמעריקאַנער, 6 ▯ 1958 I. „די
מערסטע א'עס זענען אַרעסטירט געוואָרן 3
אַזייגער פֿאַרטאָג“, טמז, 1964 28 X.
אונטערוועלטערײַ — די & דאָס. נעאַל.
באַשעפֿטיקונג, ,פֿאַך, פֿון זײַן אַן אונטער
וועלט־מענטש. „בײַ געוויסע אומשטענדן
קענען אויך מיר זיך אויסלערנען די קונץ פֿון
א, — בּיזן גרונט“, יג, טמז, 11 ▯ 1965 I.
אונטערווענדזלען — פּר. ←
אונטערוויאָנדזלען.
אונטערוועצן — טרוו. וועץ אונטער, ~
געוועצט. אויך: ~וועצע(ווע)ן. 1. (
שלײַפֿערײַ) אַרויפֿגעבן אַ בּיסל פֿעטס אויפֿן
שאַרפֿשטיין. 2 (שוסטערײַ) אײַנטונקען דעם
פֿאָדעם אין אַ בּיסל פֿעטס פֿאַרן אַרײַנסילען אין
נאָדל אָדער אין אויסגענאָלטע לעכלעך.
אונטערוועקן — טרוו. וועק אונטער, ~
געוועקט. 1. אויפֿוועקן עמעצן מיט
אָפּגעהיטקייט. וועקן נאָר אַ בּיסל. א, אַ קינד

פֿון שלאָף. 2. גורם זײַן צו טאָן עפּעס.
א, צום לערנען. א, דעם המון צו אַ
דעמאָנסטראַציע.

אונטערוועקסן

אונטערוועקסן — טרוו. וועקס אונטער,
~געדוועקסט. (צײַטנוויַז) באַשמירן,
אויסרייַבן אַ ביסל מיט וואַקס. א, די פּאָדלאָגע.
אונטערווערגן — טרוו. ווערג אונטער, ~
געוואָרגן. פּפּ: ~וואַרגן. 1. ווערגן, שטיקן,
אַ ביסל, ניט ביזן דערווערגן. א, דעם
קאָנקורענט, ער זאָל מוזן וואַרפֿן די פּרײַזן. א,
בײַם 'פֿראַנצייזישן, ראַנגלען זיך. 2.
דערווערגן בשתיקה. א, דעם ממזר און
אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך. מיט ז י ך — זיך
מאַטערן. זיך א, מיט דער פֿאַרפֿוילטער סחורה.
זיך א, מיטן שלימזל.
אונטערווערטיק — אַדי. וואָס האָט אַ
נידעריקערן, ערגערן ווערט. וואָס איז אונטער,
ווייניקער פֿון יעדער ווערט. א'ע סחורה. א'ע
ראַסע. „אויסצוגעפֿינען די מענטשן מיט א'ע
שטריכן און אונטערדריקן זיי אין זייער
האָבן קינדער“, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

אונטערוועררטלען זיך — אוטוו. טל זיך
אונטער, זיך ~געוווערטלט. 1. זאָגן פֿון
מאָל צו מאָל ווערטלעך, חכמהלעך. א, זיו
פֿאַר צרות. 2. זיך קריגן, אַרײַנזאָגן מיט
(שטעכ)ווערטלעך. „בײַ זיי איז שוין אַזאַ
ספּאָרט — א, זיך“, רייד.
אונטערווערטס — אַדוו. דטשמ. נר. 1. וואָס
איז אין דער ריכטונג צו אונטן. א, בײַם
אויסגאָס פֿון טײַך. 2. אין דער דרומדיקער
ריכטונג אָדער וואָס ליגט נידעריקער. אַ
שטאָט וואָס געפֿינט זיך א'.
אונטערווערעמען — טרוו. ווערעם אונטער,
~געווערעמט. קאַליע מאַכן, טאָן עמעצן אַ
רעה (דורך רייד, רכילות אע). א, עמעצן
[דאַטיוו] אַ מסחר. א, אַ רעפּוטאַציע.
אונטערווערפֿונג — ← אונטערוואַרפֿונג.
„וועלכע סיסטעם פֿון אונטערדריקונג און א,
קאָן זיי האַלטן צוגעבונדן“, דר, ב. ליבער,
ווער איז שולדיק אין אונדזערע קראַנקייטן7,
נ"י 1911.
אונטערוועש — די. אצ & מצ. וועש וואָס
מע טראָגט אויפֿן הוילן לײַב (
אונטערהייזלעך, אונטערהעמד אע) אונטער די
אייבערשטע בגדים. אָפּגעבן וואַשן די א'. געבן א,

אין אויסשטײַער.

אונטערזאַאיקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אונטער, זיך ~זאַאיקעט. סל. פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך זיך זאַאיקען; אונטערשטאַמלען. א, זיך פֿון גרויס אויפֿרעגונג.

אונטערזאָג — דער, ־ן. אַקט פֿון אונטערזאָגן. אונטערהעלפֿן מיט אַ זײַטיקן א'. ־ונג.

אונטערזאָגן — טרוו. זאָג אונטער, ~ געזאָגט. < סל מוסטער. 1. אין דער שטיל, בשתיקה זאָגן עמעצן וואָס יענער ווייסט ניט. א, דעם ענטפֿער בײַ אַן עקזאַמען, בײַ אַ פֿאַרהער. „דער רבי האָט אונטערגעזאָגט דעם תלמיד, ווען די גבאים פֿון ת"ת זײַנען געקומען פֿאַרהערן די קינדער", רייד. " קיינער האָט זיך ניט געוואַגט עס אונטערצוזאָגן, דען מע האָט גרויס פחד פֿאַר אים", אמד, שעפֿקע דער יאַנציצעך אָרעם בחור, ווילנע 1872. „ווי ער איז אַרויס האָב איך

אונטערגעזאָגט דעם צווייטן קאַמעראַד מײַנעם, אַז איך האָב געזען בערקע האָט

אַרויסגענומען בײַ אים אַ בײגל,,, ירמי, יוסף יאָקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.

2. פֿאָרויסכאַפּן און זאָגן אײדער אַ צווייטער בּאַוויַזט אַרויסצוקומען מיט דעם זעלבּיקן. א, דעם חזן. א, דעם מגיד די צווייטע העלפֿט פֿון פּסוק. "זײַט גוטע בּעלי־קוראס, מע זאָל אײַך ניט דאַרפֿן א',,, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

3. אָנוויַזן עמעצן וואָס צו טאָן. ,,כ'האָבּ פֿײַנט אַז מע זאָגט מיר אונטער; טו דאָס, □ו יענס!,,, רײד. ,,האָט מיר אונטערגעזאָגט אַז איך זאָל אָנהייבּן צו זינגען...דעם פּחד צו פֿאַרטרייַבן,,, הי□טאָריע אײנע שיף בּראָד, וואַרשע [יאָר?]. ,,אַפּנים אַז שבּתי צבֿי האָט אונטערגעזאָגט זײַן נבֿיא, ער זאָל שיקן אַ בּריוו צו רפֿאל־יוסף טשעלעבּי קײן קאַהיראָ,,, ימ איבּז, שד II□.

4. מיט אַ רמז, אַן אָנצוהערעניש, אָדער אונטערטעניק אָנוויַזן עמעצן וואָס יענער זאָל טאָן. ,,ער הייבּט אָן א, דעם רבּון־עולם: פֿונדעסטוועגן וואָלט געווען זייער גוט, ווען דו וואָלסט געטאָן אַזוי און אַזוי", ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,,אַזוי א, דעם בּעל־הבּית,

ער זאָל מיינען אַז ער האָט זיך צו דעם אַליין דערטראַכט", רייד.
5. דזוו כּבּ 1־4 אָבּער דער פּראָצעס פֿון א, קומט פֿאָר אין דעם מענטשן גופֿא. „ווען דער נאַר [= די נאַרישקייט] זאָגט אונטער, איז די חכמה דערונטער", שוו. „עס פֿלעגט מײַן ה אַ ר ץ מיר א', ווען גיין צו איר און ווען ניט גיין,„ סעג, 'רעגינאַ.. „עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ אונטערגעזאָגט, אַז ס'איז עפּעס געשען", טמז, 7 1964 XI. „אַפֿילו שלמה המלכס ח כ מ ה קען ניס א, איר אייגנטימער אַז..." ש. בּלום, בּוים פֿון לעבּן, נ„י 1931. „האָט די פֿ אַ נ ט אַ ז י ע אונטערגעזאָגט דאָס איבּעריקע,„ קאָר III. „איר ווײַבּלעכער א י נ ס ט י נ ק ט האָט איר אונטערנעזאָגט אַז איצט קאָן ער איר צו נוץ קומען", דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. אויך מיט ז י ך — א, זיך אַ לידעלע, אַ פּאָעמע, אַ קלוג ווערטל. דער שׂ כ ל זאָגט אונטער. 6. סופֿלירן. א, די פֿאַרגעסענע פּראָזע.

־עכ־ן — "די א'ער פֿון האַסטיקער לײַדנשאַפֿט און פֿון צעפֿיבּערטן געמיט", ש. בּיקל, שרײַבּער פֿון מײַן דור I. ־עניש.

־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אונטערזאָ'גן — טרוו. ~זאָג, ~זאָ'גט. מײַ. פֿאַרווערן. „אונטר זאָגן אונד פֿרביהטן דעם איבלן מנהג קעגן רײַטן לקראת החתן או הכלה על החתונה“, 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה יצ„ו מיום הועד נ“ע [נידרענהיי], מן כ“א אייר תקל„ז'. “וואורדע זיין אפּענטליכר האַנטל אונדערזאגט“, 'גזירה העבב', 1819 [ייִבל XI, 1־].

אונטערזאָטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~ געזאָטלט. 1. אָנטאָן אַ זאָטל. א, די פֿערד. 2. פֿיג. אונטערלייגן, אונטערשטעלן צו

מאַאונטערזאָרגן

כּן באַקוועמער. א, דעם קליינוואוקסיקן רעדנער מיט אַ בענקעלע. מיט ז י ך — דזוו אונטערגאַרטלען זיך.

אונטערזאָטן — טרוו. זאָט אונטער, ~ געזאָטן. לר. 1. מאַכן עס זאָל נאָך אַ בסל זידן, קאָכן (בײַ פֿאַרשיידענע אַרבעט־ פּראָצעסן). פֿרגל אויסזאָטן. א, סמאָלע. 2 אונטערהעצן. א, דעם יאַט, ער זאָל זיך וואַרפֿן

שלאָגן.

אונטערזאַך — די, ־ן. פֿקפֿ ־ל, ־עלע, ־()ך.
ווײַבערשע אונטערהייזעלעך. "האָט זי געפּרעסט
אירע קליינע, לײַב־קאָלירענע א'לעך,,,
דעמבלין, צוויי און אַ דריטער.

אונטערזאָכן — אוטוו. זאָך אונטער, ~
געזאָכט. קרענקען צו ביסלעך. ,,ווער עס זאָגט
אונטער דער זאָכט אונטער,,, שוו [בײַ אַ
קריגערײַ].

אונטערזאָל()ען — טרוו. ־ל()ע אונטער,
~געזאָל(י)עט. 1. צוגעבן אַ ביסל זאָלע,
אַש, בײַם באַגיסן מיט הייס וואַסער (
אָפּפּאַרען) די וועש. א, די וועש אין זשלוקטע
2. גראָבלעך. מאַכן עמעצן שווערער דאָס
געמיט. א, יענעם אויפֿן האַרצן. מיט ז י ך
— זיו באַפּישן.

אונטערזאַלצן — טרוו. זאַלץ אונטער, ~
געזאַלצט, ~געזאַלצן. 1. צוגעבו נאָך אַ ביסל
זאַלץ אין עסן אאַ. א, זופּ, פֿלייש אע.
2 פֿאַרשאַפֿן עמעצן מער עגמת־נפֿש.
פֿאַר.
שאַרפֿן אַ געפֿיל. א, דאָס עמיט. א, אַ
פֿאַראיבל, אַ קריגערײַ. 3. אונטערמסרן; בּ:לל

טאָן אַ שטיקל רעה. א, דעם קאָנקורעגט.
־ונג. ־עניש.

אונטערזאַמלען — טרוו. ־מל אונטער, ~
עזאַמלט. 1. זאַמלען נאָך אַ ביסל; צו בן
צו אַ זאַמלונג. א, חתימות אונטער דער
Iעטיציע. א, פּאָסטמאַרקעס. 2. צונויפקלײַבן
פֿון אונטן. א, די אַראָפּגעפֿאַלענע בינטלעך,
פּעקלעך.

אונטערזאַמען — אַדוו. אַרכ. : M
un(1er + san1e. זן. קעגנאַנאַנד. מלל
פֿאַרטײַטשט 'וסכסכתּי מצרים בּמצרים, (ישעיה,
יט, 2): „אונטר זאַמין העטצין".

אונטערזאַמען זיך — אוטוו. זאַם זיך
אונטער, זיך ~געזאַמט. לד. זיך פֿאַרהאַלטן
אַ ביסל לענגער ווי מע ריכט זיך. "ווין
צײַט משיח זאָל קומען, ער זאַמט זיך
אונטער,,. א, זיך מיטן באַצאָלן אַ חובֿ.

אונטערזאַץ — דער, ־ן. 1. אונטער(גע)־
שטעל. דאָס וואָס מע זעצט, מע שטעלט פֿון
אונטן. אַוועקשטעלן ווי אַן א, אַן עמער,
אַהין זאָל עפּעס אַרײַנטריפֿן. אַ ליימע ער
א, אונטערן וואַזאָן. 2. פּיעדעסטאַל. א, פֿאָרן
דענקמאָל. ראָש מלון מפֿתּח, זשיטאָמיר 1872,

פֿאַרטײַטשט ,כּן, און 'מכונה, (מלכים א,
ז) — א'. 3. בײַזאַץ, זאַץ וואָס איז אָפּ
ענגיק פֿון הויפּטזאַץ. "ער קאָן לאָזן לויפֿ אַ
זאַץ וואָס האָט פֿינף א'ן אונטער זלך",
ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע. .
אונטערזאָרגן — אוטוו. זאָרג אונטער, ~
געזאָרגט. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט

אונטערזבֿלען

זאָרגן פֿאַרדינען גאַנץ נישקשה און דאָך
.
א'. אויך מיט ז י ד — א, זיך וועגן
קלייניקייטן. ־עניש. ־ער.
אונטערזבֿלען — [...זעוולען,...זאַוולען] טרוו.
זבֿל אונטער, ~געזבֿלט. פּאָד, א"י. באַזבֿלען,
אויסזבֿלען אָדער נאָך אַ ביסל באַמיסטיקן.
א, דאָס פֿעלד.
אונטערזוברעווען — טרוו. ־רעווע
אונטער, ~געזוברעוועט. רוסיצ. מעכאַניש
אײַנחזרן פֿון צײַט צו צײַט. אונטערחזרן.
איבערלערנען. אַ ביסל זיך אונטערפֿוילן און אַ
ביסל א'. א, נעמען און דאַטעס די לעצטע
טעג פֿאַרן עקזאַמען. א, די ראָלע.

אונטערזוו(י)אַקען — אוטוו. ־קע אונטער,
~געזווי(י)אַקעט. סל. קלינגען צו בּיסלעך אָדער
פֿון צײַט צו צײַט. א, מיטן צײַמל.
אונטערזויבּערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געזויבּערט. מאַכן אַ בּיסל זויבּערער, רײנער.
□א, דעם קאַנדידאַט. א, די קאָרומפּירטע
אַדמי□יסטראַציע ־ונג.

.

□אונטערזויגן — דזוו אונטערזייגן ←.
אונטערזוילן — טרוו. זויל אונטער, ~
געזוילט. אַרויפֿלייגן זוילן אויף שוכוואַרג. א,
אַ פּאָר וואָליקעס אויף ווינטער. מיט ז י ך
— דזוו אונטערגאַרטלען זיך.
אונטערזוים — דער, ־ען. אונטערשטע(ר)
זוים. אַ בּיסל אַ קרומער א,.
אונטערזוימען — טרוו. זוים אונטער, ~
געזוימט. מאַכן אַן אונטערשטע(־טן) זוים;
מאַכן זוימען בּכלל. א, קליידלעך, לײַלעכער
אע. ״אינעם וואַרעמען צימער איז געזעסן
□וי בּאַלעבּאָסטע...און האָט אונטערגעזוימט
ווינדעלעך״, בּ. קאָטיק איבּז, אי. בּאַבּעל,
□ואָוו, היימלאַנד, 4 1964, No. ־ונג.
אונטערזוימען זיך — דזוו אונטערזאַמען

זך ←.
אונטערזויערן — דזוו אונטערזײַערן ←.

אונטערזויפֿן — אוטוו. זויף אונטער, ~ געויפֿט פֿון צײַט צו צײַט שיכּורן, טרינקען.
אַ סך. א, אין שענק הינטער דער ווײַבס פּלייצע.
אונטערזוך— דער, ־ן. אַקט פֿון אונטערזוכן. "דיסציפּלין וואָס ווענט זיך אָפּגעבן מיט אויספֿאָרש און א, פֿון די פֿאַראייניקונגען סון פּערזאָנען,,, אַבֿא גאָרדין, דאָס פֿרײַע וואָרט, בּ"א, No 45. ,,לאָמיר מאַכן אַ היסטאָרישן א',,, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
אונטערזו'כונג — די, ־ען. דטשמ. אָפּט געניצט. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונסערזו'כן. ספּעצ. 1. דאָס מעדיצינישע בּאַטראַכטן (אַ חולה) כּדי צו שטעלן אַ ריכטיקן דיאַגנאָז. ,,אַ גענויע א, האָט אין מאָגן

און אין דער לעבער ניט פֿעסטגעשטעלט קיין
שום אומנאָרמאַלס,,, פֿגעז, ווילנע 1938, No
6. 2. אַנאַליז. אַ כעמישע א,. ,,וואַרום מאַכט
איר אַזאַ טיפּע א, אויף יעדן וואָרט וואָס
ביסמאַרק און נאַפּאָלעאָן האָבן געשפּראָכן,,,
▯ר־מי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ,

מי()73

נעאַפּאָליס 1900. ,,א'ען כּדי אויפֿצודעקו די
אומאָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקייט פֿון
די קוילנהידראַטן אין אָרגאַניז▯I,,, ,טאָז,
שריפֿטן, וואַרשע l929.
3. דאָס חוקר ודורש זײַן עמעצו וואָס
מען איז חושד אין אַ פֿאַרברעך.
פּאָליצייאישע, געריכטלעכע א'. ,,בײַ דער א, האָט מען
געפֿונען לפּידותעס ברילִיאַנטענעם רינג,,, פּ.
ג,. נסיס מן השמים, לובלין 1914. ,,אַזאַ
גרינטלעכקייט האָט מען נאָך בײַ אַן א, פֿון
אַ פֿאַרברעך ניט געזען“, בצג, טמז, 6 l964 X.
א,־מ ע ט אָ ד ן. א,־ר י כ ט ע ר. ,,דער א'ס־
ריכטער...האָט מיר ניט לאַנג געזאָגט, אַז פֿאַר
מײַנע שלעכטע מעשׂים קען איך באַקומען
...קאַטאָרגע“, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש

קיבּאַלטשיטש [איבּז], לאָנדאָן 1902. א'ס־ה אַ פּ ט,
דטשמ = א אַ ר ע ס ט. „נאָך אַ דרײַ
מאָ'
נאַטלעכער א'ס־האַפּט קומט אָן דער
פּראָצעס„, ווינטש III, נ"י 1920. 4. הויזזוכונג,
אָבּיסק(ע) ←. „ איך מוז בּײַ אײַך א,
מאַכן, דען עס פֿעלן אונדז מאַנכע זאַכן„,
מכירת־יוסף־שפּיל, לעמבּערג 1876. 5. דאָס זוכן
אין די זאַכן, אין און אונטער די בּגדים
פֿון אַ חשוד. „ער האָט...די צוויי יונגעלײַט
אַרויסגערופֿן אויף אַן...א'", קמ, 11 1867, No.
6. חקירה, אַנאַליז פֿון אַ פּראָבּלעם.
פֿאָרשונג, שטודיע. „ער לייגט אַוועק אַ ריכטיקן
טעאָרעטישן פֿונדאַמענט פֿאַר דער
וויסנשאַפֿטליכער א, פֿון דער פּראָבּלעם„, זש יט יI,
נ'י 1912. „דער אַלט־ייִדישער גדאַנק האָט
זיך געשראָקן פֿאַר דער א'„, קאָר II. „איך
קען ניט אַרײַנגיין אין אַן אויספֿירלעכער א,
פֿון די דרײַ גרונטבּאַגריפֿן על־פּי הקבּלה„,
הרבֿ י. בּ. סאָלאָווייטשיק, תּשכ"ב.
אונטערזו'כן — טרוו. ~זו'ך, ~זו'כט.
דטשמ. אָפּט געניצט. 1. בּאַטראַכטן,
אויסהערן, בּאַקוקן עמעצן וואָס בּאַקלאָגט זיך
אויף זײַן געזונט. „דער דאָקטער וועט דיך

גוט א,, וועסטו וויסן וואָס איז מיט דיר“,
רייד. ,,מײַן דאָקטער איז דאָך מסתּמא ניט
פֿויל און בּאָט איר אָן ער וויל איר א'“,
חובֿ, איין נײַע מעטאָדע ווי גיך קראַנק צו
ווערדען, ווילנע 1884. ,,מע וויקלט נאַקעט
אים פֿונאַנדער, מען אונטערזוכט אים יעדן
אבֿר“, אַל II.
2. אַנאַליזירן. א, אורין, לחות. “אַלע
פֿאַרהילטע ערטער פֿון...חזיר ווערן געעפֿנט, מען
אונטערזוכט דאָס האַרץ, די נירן, די לעבֿער,,,
דא פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאַ, וואַרשע
,
1930. 3. דורכשטודירן. ,,איין...נײַאן חיבּור
דאַרף גאַר ניט גידרוקט ווערין אם לא
בּהסכּמת הגאון...וועלכס ספֿר הנ“ל דורך זעהן
און, אונטר זוכין ווערט,,, 'תּקנות הקהילה
דקהל קודש אַשכּנזים אַשר בּאמשטרדם',
אַמשט 1737. ,,מיר מוזן זיך זעלבּסט א',
מיר מוזן אויסבּעסערן אונדזערע מעשׂים“,
ש מו פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבּערג
.1893
4. אויף אַן אָפֿיציעלן אופֿן נאָכזוכן,
נאָכפֿרעגן, חוקר ודורש זײַן (מצד אַן אָרגאַן
אָדער פֿאָרשטייער פֿון געריכט, מאַכט). דער

אויספֿאָרשער וועט עס א'. ‘‘ווען אים

עטאונטערזופן

לעכע מענטשן א',,, ר, משה בר, אליהו, מלאכי קודש, וואַרשע 1839. ,,זאָל איך אַלץ פֿון געוועלבֿ פֿאַרנעמעןֿ...קען מיך דאָס געריכט א,, בין איך...אַן אָפּגעקאָכטער,,, בֿ. זילבֿערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885. מלל פֿאַרטײַטשט ,ודרשת וחקרת ושאלת, (דבֿריס, יג, 15): ,,אונטר זוכן‘‘. מ t פֿאַרטײַטשט 'ויבֿקש הדבֿר, (אסתּר, בֿ, 23): ,,און, עז וואַר אונטר זוכט,,.. ,,דער וויצעגובֿערנאַטאָר וועט הייסן א, דעם אינטערעס‘‘, יפּ. ,,ער וועהלט...וועלכי אונטר זוכין זולין...און סדר [= אומסד] אין פּונקטא סעודת מצוה‘‘, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ‘‘ז [ייִבֿל 338 ,I].

5. פּרוּוון דערגיין עפּעס דורך אויספֿרעגו, נאָכפֿרעגן. א, צי די קלאַנגען זײַנען טאַקע אמת. ,,עז זאָל קיין מענש פֿון הינן נאָך זײַן הויז גין, בֿיז מיר דיא זאַך אונטר זוכן,,, צאינה, קנ/ג. ,,נשבֿעתי...דבֿר זה בֿכל אופֿן צו אונטר זוכן‘‘, אגרת שלמה.

6. רעווידירן, אינספּעקטירן, בודק זײַן. א, וואָס מע פֿירט אין די פּעק. „דער סופֿר איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בּכּבֿודן מלמד... מע האָט אונטערזוכט די מזוזות“, קמ, 1869, No 20.
7. קריטיש פֿונאַנדערקלײַבן זיך אין עפּעס; שׂכלדיק אַנאַליזירן, אויספֿאָרשן. א, די מאָטיוון, די סיבּות. א, אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. „האבן מיר אין דיזן (פּרק) ערשט וועלן אונטר זוכן וואו גבּליבּן זײַן דיא צעהן שבֿטים„, שאַר, א. „מע זאָל [די יסורים] אָננעמען מיט ליבּשאַפֿט...מע זאָל א, די מעשׂים„, תּניא ־עכץ. ־עניש.

.

אונטערזו'כן — טרוו. זוך אונטער, ~ געזוכט. 1. דזוו דפֿוו, ספּעצ. מיט די בּבּ 4־5. [פּרווו צו פֿאַרבּײַטן דאָס דטשמ אונטערזו'כּן]. א אַן ענין. אויך: א, סיבּות. 2. זוכן

,

צײַטנווײַז, מער לפּנים וועגן אָדער אָן חשק. „מײַן פּלוניתטע האָט טאַקע געזוכט דעם פֿאַרלאָרענעם בּעכער. איך האָבּ נאָר אונטערגעזוכט, ווײַל איך האָבּ געוואוסט...“, רייד.
אונטערזוכער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־ק.. ־ס.

אויספֿאָרשער. ווער עס פֿאַרנעמט זיו ▯ט
אונטערזוכן. אַ געניטער א'. „די רעגירונג־א,
האָבֿן איצט אַרײַנגעקראָגן אַ גרויסן פֿאַנג פֿון
געפֿערלעכע רעקעטירס„, טמז, 1962 IX 11.
־ערײַ. ־יש — אַדי. א'ע מיטלען.

אונטערזומען — דזוו אונטערזשומען ←.

אונטערזומערן — אַקוזוו ־ער אונטער,
~געזומערט. זײַן ערגעץ זומערצײַט
ניטווילנדיק אָדער ניט־אויסגערעכנט. א, אַ
זומער אין אַ העק.

אונטערזופּ — די (דער), ־ן. דאָס
אונטערשטע, דאָס געדיכטע פֿון זופּ. „די
אייבערזופּ איז געווען לעפּלעכע און מוטנע
וואַסער, אין א, איז נאָך געווען אַ שטיקל
קאַרטאָפֿל„, רייד.

אונטערזופּן —טרוו. זופּ אונטער, ~געזופּט.
1. פֿאַמעלעך, ביסלעכווײַז טרינקען. שמועסן
און א, טיי. 2. איר. טרינקען אַ סך. א,
ביזן שיכּור ווערן.

אונטערזופּנדיקער

אונטערזופּנדיקער — דער, ־יקע. סאָוו.
אין פֿאַרשטעלטע רייד: דזוו לאָקש, דאָלאַר.

משלם זײַן מיט אונטערזופּנדיקע.

אונטער זיבן ריגלען (שלעסער) —
פּראַזע. שטרענג באַוואַכט פֿאַרבאַהאַלטן.
אָפּ,
געהיט פֿאַרבאָרגן. „ער ציטערט איבער זײַן

טאָכטער און האַלט זי פֿאַרשפּאַרט א, ז,
שלעסער“, רייד. „אַן אָנזעצער...באַקומט...דעם
גראָסן פֿון א, ז, שלעסער„, אמד, דבֿרי יושר,
ווילנע 1863. “אָט די שטילינקע ריידעלעך,
אונטער וועלכע ס'איז פֿאַרבאָרגן
אויסגעלאַסנקייט, אַ פֿאַרשלאָסענע א, ז, שלעסער„, נ.
זאַבאַרע, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No. „אַ
סוד פֿון אַ מענטשן, וואָס ליגט אפֿשר
פֿאַרוויקלט א, ז, ריגלען“, מ. דלוזשנאָווסקי, פֿאָר,
.(XII 19).

אונטערזיגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~
געזיגלט. צולייגן אַ זיגל פֿון אונטן. א, אַ
בריוו, אַ פּאַקעט. „און אונטער דעם בריוו
האָב איך אונטערגעזיגלט אַ גרויסן זיגל מיט
אַ צורה פֿון לויתן“, מעשׂה פּליאות II,
וואַרשע 1875.

אונטערזידלען — טרוו. ־דל אונטער, ~

געזידלט. פֿון צײַט צו צײַט באַליידיקן, מבֿזה
זײַן עמעצן (מיט גראָבֿע רייד). א, אַן אייגן
קינד. „דאָס איז געווען בעת ס'האָט ווער,
אַ שרײַבער, באַליידיקט אין שריפֿט...
אַראָפּגעריסן, צי אונטערגעזידלט“, מ. גראָסמאַן,
היימיש, אייר תשי„ט. מיט ז י ך — קזוו.
“אַ פּאָר! מע קושט זיך און מע זידלט זיך
אונטער„, רייד.
אונטערזידן — אוטוו. זיד אונטער, ~
געזאָדן, ־זאָטן. אָנהייבן זידן; זידן אַ ביסל.
„דער סאַמאָוואַר זידט אונטער, באַלד וועט
זײַן טיי“, רייד. אויך טרוו — אונטערהעצן.
א, דעם המון. מיט ז י ך — זיך שטאַרק
אויפֿרעגן.
אונטערזייאונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אונטערזייען. א, פֿון 'רויזן, בײַם ברעג פֿעלד.
אונטערזייגן — טרוו. זייג אונטער, ~
געזויגן, ~געזייגט. פּפֿ: ~זויגן [←
אויסזייגן]. 1. פֿון צײַט צו צײַט זייגן. „ער
גייט שוין אין שול און זייגט נאָך אונטער
אַ פֿינגער“, רייד. 2. צו ביסלעך, טיילווײַז
דערנערן מיט געבן צו זייגן. קאָרמען דאָס
עופֿעלע מיט קאַשקעס און א, ־עניש.

.

אונטערזײַד — דאָס (די), ־ן.
אונטערשלאַק פֿון זײַד. אַ שווער קלייד מיט א'.
אונטערזײַדן — טרוו. זײַד אונטער, ~
געזײַדט. (בײַטל־מאַכערײַ) באַנייען אונטן,
טײלוויַז מיט זײַד. א, אַ בײַטל.
אונטערזײַט — די, ־ן. זײַט וואָס איז
אונטן. "גוטע קאַרע דערקענט מען, ווען די
אייבערזײַט...איז גרעבער פֿאַר דעם
עפּידערמוס און פֿאַר דער א'", וואולאַך, האנטביכל
פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט, פּעטראָגראַד 1922.
"זײַן א, [תחתיו] איז שפּיציקע שאַרבנס",
תּי, איובֿ, מא, 22.
אונטערזײַל — דער. ־ן. זײַל וואָס איז
אונטן. אײַזערנע (בעטאָנענע) א'ן.

אונטערזיימען, ~זײַמען — פּר. דזוו
אונטערזוימען ←.
אונטערזײַן — אוטוו. (איצ און אימפּ נבֿ),
~געווע(ז)ן. לד. זײַן נאָר אַ קורצע צײַט.
זײַן פֿון צײַט צו צײַט. א, בײַם פֿעטער אין
דער גרויסער שטאָט. "וואו ביסטו
אונטערגעוועזן דעם זומער?", רייד. "מע זאָל דאָרטן

א, איין שטונדע...“, איש יהודי [לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטערבּורג 4 1900, No.

אונטער זײַן — צזוו. אוטוו. בּין אונטער, בּין געווען אונטער. 1. זײַן, בּלײַבּן אונטן, הינטערשטעליק, אויפֿן לעצטן אָרט. „דו גיי פֿאָרויס, איך בּין אונטער„. 2. (קאָרטנשפּיל) געבּן אַ קלענערע קאָרט. „זעסט דאָך, איך בּין אונטער, דו וועסט נעמען מיט אַ טרומף„„ רייד. 3. אַרכ. זײַן אונטער עמעצן (לויטן ראַנג, פּאָזיציע, אַמט). „בּרענגין צו דעם הויבּט מאַן דא איך אונטר בּין“, סהמ, שמואל א, יז, 18. 4. אַרכ. אונטערגיין (וועגן דער זון). „בּייא נאַכט ווען דיא זון אונטר איז„, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿך החיים, ספֿר רפֿואות, קיטן תע"ז.

אונטערזייען — טרוו. זיי אונטער, ~ געזייט. פֿאַרזייען טיילווײַז אָדער בּהדרגה. א, ס'פֿעלד אין אַ פֿרײַער צײַט. א, קערנדלעך פֿון האַס.

אונטערזײַען — טרוו. זײַ אונטער, ~ געזײַט. 1. צו בּיסלעך, בּהדרגה דורכלאָזן דורך אַ זײַער. א, לאָקשן. 2. בּודק זײַן. מע דאַרף די נײַס גוט א„ ־עכ ן.

אונטערזײַערן — טרוו. ־ער אונטער, ~

געזײַערט. 1. נאָך אַ ביסל (לענגער) זײַערן.
,,די אוגערקעס זײַנען האַלב געזײַערט. מע
דאַרף זיי נאָך א',,, רייד. 2. האַלטן אין
עפּעס וואָס איז זויער און פּיג. סתּם האַלטן
(אויף שפּעטער). ,,וואָס וועסטו א, דײַן
טאָכטער? געפּין פּאַר איר אַ חתן,,, רייד. 3. אַ
ביסל קאַליע מאַכן. פּאַרמיאוסן. א, אַן עסק.
א, עמעצנס נאָמען. ־ונג.

-

אונטערזייסן — טרוו. זייף אונטער, ~
געזייפּט. 1. אונטערריַיבן מיט זייף. א, דאָס
גרעט. (שוסטערײַ) א, טשוועקלעד. 2. דזוו
אונטערשמירן. אונטערקויפּן. א, דעם פּריץ
מיט די קנעפּ.
אונטער זיך — אדוו פּראַזע. פּפּ: אונטער
מיר, דיר... 1. אונטער דער דעה, דער
השפּעה, אין רשות. האָבן א, ז, צען
אַרבעטער. ״דער מלמד האָט געהאַט א, ז,
צוויי באַהעלפּערס,,. 2. נידעריקער, אויף
אַראָפּצו. מאַכן א, ז, = (ווערן אַ קינד,
אַ קראַנקן, אַן עובֿר־כּטל) טאָן די
נאַטירלעכע באַדערפּענישן אין בעט. ,,ווען איינר
אונטער זיך משתּין איז...,,, סור, כו/ב. ״זײַן

רעכט אויג דאשׂ וואַר שוואַרץ און, עשׂ
לוג אונטר זיך", יוסיפוֹן, אַמשט 1661. „ווען
מן אַן שמונה עשׂרה האַלט...דא מוז מן שטיין
די פּיס בּ־ אַננדר...דעם קאָפּף איין וויניג
יִ
בּוקנדיג די אויגן אונטר זיך,„ עפּש, דרך
הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. האַלטן די
פּיס א, ז, = איַנגעדרייט די פּיס און זיצן
אויף זיי.

אונטערזינדיקן

אונטערזילבּערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געזילבּערט. בּאַדעקן עפּעס מיט אַ בּיסל
זילבּער. בּאַזילבּערן פֿון אונטן. א, אַ טאַץ, אַ
געשטעל.
אונטערזינגען — טרוו. זינג אונטער, ~
געזונגען. < סל מוסטער. אויך מיט ז י ך =
אַזוי זיך. 1. אונטערהעלפֿן בּיַם זינגען אַ
.
בּיסל מיטזינגען. „דער חזן זינגט, די
משוררים זינגען אונטער", שוו. „דער עולם זינגט

אונטער, ווען מע הערט פֿון דער זינגערין
דאָס פּאָפּולערע לידל“. 2. שפּילן אויף אַן
אינסטרומענט און דערבײַ אויך אַ ביסל
זינגען. „הערצל פֿידלט און זינגט אונטער,
פֿידלט און מאַכט זיך נאַריש„, ממוס, שלמה.
3. טאָן עפּעס און דערבײַ זינגען (ניט
הויך). אַרבעטן מיט דער נאָדל און א'. „מער
גערעדט ווי געלערנט, אונטערזינגענדיק מיט
דעם גמרא־ניגון“, ממוס, שלמה. „שטאַרק
פֿאַרטיפֿט אין דער שפּיל און זיך
אונטערגעזונגען די זמירות פֿון שבת„, הרבֿ לוי
גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו 1934.
„האַקט אויס אַ יונג די אויפֿשריפֿט־ווערטער
[פֿון דער מצבֿה] און זינגט זיך בײַ דער
אַרבעט אונטער“, אַל II, 'דער מצבֿה־קריצער'.
4. סתּם זינגען ניט הויך אָדער פֿון צײַט
צו צײַט. די קאַנאַריקלעך זינגען אונטער.
„זיי זײַנען געווען אַלע מיט פֿאַרוויקלטע
העלדזער און האָבן זיך ביסלעכווײַז
אונטערגעזונגען“, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע
1878. „ער האָט בנעימותדיק אויפֿן בײַקול
אונטערגעזונגען אַ מאַרש פֿונעם 'מלך עליון'“,
ממוס, מסעות. „אין אָט דער פֿרילינג־
שטימונג און מיט א, דאָס ליד 'ווידער איז דער

מײַ געקומען..."", מ. עלבוים, פֿאָר, 1964
 13.
5. במקום־ווערב פֿאַר פֿאַרשיידענע מינים זאָגן, טאָן, שלאָגן אאַ. א. אַ פּרײַז אַז עס זאָל ווערן פֿינצטער אין די אויגן. כ'וועל אײַך אַזוי א, מיטן שטעקן אַז איר וועט אַנטשוויגן ווערן. א אַ שטאַרקערן, אים
חנ,
פֿענען. 6. דזוו אויפֿזינגען, בּ5 ← ־עכץ.
.
־עניש.
אונטערזינגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס זינגט אונטער. „קיין זינגער בין איך ניט, בלויז אַן א',,, רייד. ־ערײַ ־יש
— אַדי.
אונטערזינדיקן — אוטוו. ־דיק אונטער, ~געזינדיקט. 1. זינדיקן צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. „צי זינדיקט ער שטילערהייט ניט אונטער מיט עפּעס אַ בת־שבֿע, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט", בערג, בײַם דניעפּער I. „שטאַרק א, אידייאיש", אפֿא, טמז, 1964 2 .5 III. ניט אַלעמאָל אָפּהיטן כּללים, תּקנות, אײַנגעשטעלטן לעבן־סדר. א, קעגן פֿאָרשריפֿטן פֿון בּוראָ. „דער...עולם האָט

שטאַרק אונטערגעזינדיקט אויפֿן געביט פֿון היגיענע און מעדיצין,,, דר, י. ברוצקוס, פֿגעז, פּאַריז 1 1948, No. ,,אַש האָט ליב געהאַט אָפּצועסן און נעכטן האָבן מיר טאַקע ביידע אַ ביסל צו פֿיל אונטערגעזינדיקט,,, ש. ראָזענבערג, ש. אַש פֿון דער נאָענט, מיאַמי 1958.

אונטערזינקען

3. טאָן עפּעס בשתיקה, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ זינד. אַ סוחר וואָס זינדיקט אונטער מיס שרײַבן פּאָעזיע.
4 פֿאַרוואָרלאָזן. ניט לייגן גענוג אַכט.
.
א, לגבי דער אייגענער היים, קינדער. א, קעגן אַ שותּף, אַ חבֿר. ־ונג — ,,אָן עקאָנאָמישער א, קען מען קיין לעבן ניט מאַכן בײַ אײַך", שלמה בן י״ראל, פֿאָר, 1963 X 23.

אונטערזינקען — זינק אונטער, ~ געזונקען. אוטוו — 1. ביסלעכווײַז, בהדרגה זינקען, גיין צו גרונט. אויך דזוו זינקען. א, אין די טיפֿענישן פֿון ים, א, אין דער

זומפּיקער בלאָטע. א, אין תּהום פֿון זינד.
,,קומט, ברידער, עסן און טרינקען. און ער
זאָל דאָ א',,, מכירת־יוסף־שפּיל, לעמבערג
1876. ,,ביי אונדז אין אַמעריקע דאַרף מען
קענען א, אונטערן וואַסער, ווידער
אַרויפֿשווימען,,, דא, פֿון בערלין ביז סאַן־
פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930. 2. ביסלעכווייז
פֿאַרלירן אַלע לעבנס־כּוחות. א, אין אַ טיפֿן
שלאָף, אין אַ קאָמאַ. ▯—־. וואָס מאַכט ער?
— שוין ניטאָ וואָס צו ענטפֿערן. ער זינקט
שוין אונטער,,, רייד.
טרוו אַראָפּלאָזן צום גרונט.
דערטרינ־־
קען. א, אַ שיף מיט אַ טאָרפּעדאָ. ־עכץ.
־עניש — קללה: אַן א, אויף זיין קאָפּ.
אונטערזיסן — טרוו. זיס אונטער, ~
געזיסט. 1. מאַכן אַ ביסל זיסער. א, די
טיי. 2. מאַכן אַ ביסל מילדער. א, דעם
אָפּזאָג מיט קאָמפּלימענטן ־עניש.

.

אונטערזיפּן — טרוו. זיפּ אונטער, ~געזיפּט.
1. נאָך אַ ביסל זיפּן. דורכזיפּן בהדרגה אָדער
ניט־גרינטלעך. א, קלייען. 2. אָפּקלייַבן
(אויבנאויפֿיק, ניט שטאַרק מקפּיד זיין

דערבײַ). א, דעם לערער־באַשסאַנד. א, די
דאָקומענטן.

-

אונטערזיפּצן — א□וו. זיפּץ אונטער, ~
געזיפּצט. אויך: ~זיפּצען. < סל מוסטער.
זיפּצן צײַטנווײַז אָדער צו ביסלעך. ,,מע האָט
זיך געסודעט...פֿון צײַט צו צײַט
אונטערגעזיפּצט אויף אַזאַ מעשׂה רע“, אַר, □
אַריהלייזערס פֿערד'. ,,איך פֿלעג שטילערהייט א'“,
דטש, ווילנע. ,,ייִדן האָבן צוגעשאָקלט מיט
די קעפּ און געשמאַק אונטערגעזיפּצט,,, בּ.
שעפֿנער, פּאָר, 1964 □ 26. ־עכ□ן. ־עניש.
אונטערזיצן — אוטוו. זיץ אונטער, בין
~געזעסן (פֿר: ~געזיצן). 1. זיצן אַ ביסל,
אַ ווײַלע. א, אין מיטן וועג. רואיק א, און
וואַרטן. 2. זיצן לענגער, נאָכן פֿריִערדיקן
זיצן. “זיצט נאָך אונטער אַ ביסל, מיר'ן
טרינקען טיי“, רייד. ,,פֿלעגט ער נאָך א,
שפּעט אין דער נאַכט לעבן זײַנע עלטערן
...אום צו העלפֿן זיי בײַ דער אַרבעט“, אמד,
מאָטקע און הערשקע, ווילנע 1873. ,,האָט

געוואָלט עטלעכע מאָל אַוועקגיין, נאָר [זי]
האָט אים אַלץ געבּעטן, ער זאָל נאָך בּלײַבּן.
[ער] איז אונטערגעזעסן א בּיסל״, אָפּא,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. 3. פֿון צײַט צו צײַט
זיצן אין תּפֿיסה. א, פֿאַר קליינע גניבֿות.
4. וואוינען צײַטווײַליק, אַ קורצע צײַט.

2□,

,,איך וועל נאָך א, אין דער אַלטער דירה,,,
רייד. ־עכ□ן. ־עניש.
אונטערזליאָקען, ~זליוקען — דזוו
אונטערזשליאָקען ←.
אונטערזמרן — [...זעמערן] טרוו. זמר
אונטער, ~געזמרט. אונטערזינגען אַ זמרל.
א, בּײַ דער אַרבּעט.
אונטערזעגל — דער, ־ען. קלענערער,
נידעריקערער זעגל. אָנציִען דעם א'.
אונטערזעגן — טרוו. זעג אונטער, ~
געזעגט. 1. זעגן פֿון אונטן בּײַם וואָרצל.
א אַ בּוים. 2. דזוו זעגן, אָבּער ניט בּיזן

,
סוף. א, אַ צווײַג און אַראָפּבּרעכן. *א, אַ
צווײַג וואָס מע זיצט אויף איר = אַליין

שוואַכער מאַכן די אייגענע פּאָזיציע פֿיג.

,,בײַם לייענען פּרצעס דריטע מתּנה האָט
אונטערגעזעגט דאָס געבײַ די סכּנה,,, סוצ,
פֿעסטונג. 3. אַוועקלייגן מיט אַ קלאַפּ.
צעשטערן, אָפּרוימען. א, דעם חבֿרה־מאַן מיטן אמתן
זעץ. ,,חבֿרים, העלפֿט א, דעם פֿוילן
פֿונדאַמענט און עס וועט שוין גיין אַ גאַנג,,,
ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע,
אַדעס 1932 ־עניש.

.

אונטערזעמשן — טרוו. זעמש אונטער,
~געזעמשט. (בײַטל־מאַכערײַ) בּאַנייען
אונטן מיט זאַמש. א, אַ בײַטל.
אונטערזען — טרוו. זע אונטער, זעען
אונטער; ~געזען. 1. נאָך אַ ווײַלע זע .
,,לאָז מיך, איך וויל א, מיט וואָס די
קריגערײַ וועט זיך ענדיקן,,, רייד. 2.
אונטערקומען און קוקן, זען. זען פֿון אַ
בּאַהעלטעניש. א, זייער קושן זיך. 3. לר. אַכטונג
געבן, אויפֿפּאַסן. א, די קינדער וואָס שפּילן
זיך אין גאַס. א, די אַרבּעטער, זיי זאָלן
טאָן זייער אַרבּעט.
אונטערזענקען — טרוו. זענק אונטער, ~

געזענקט. דזוו אונטערזינקען, טרון.
אונטערזעצל — דאָס, ־עך. (שלאָסעריַי)
שטיק(ל) מעטאַל וואָס מע זעצט אַרײַן ווי
אַ געשטעל צו עפּעס אָדער בײַם פֿאַרריכטן
עפּעס. „אַן א, פֿון בלײַ איז צו ווייך“..
אונטערזעצן — טרוו. זעץ אונטער, ~
געזעצט. 1. אַוועקזעצן (פֿון) אונטן, נידעריק.
א אַ קינד אויפֿן טעפּל. 2. אַוועקזעצן,
,
פֿריִער אויפֿהייבנדיק. א, דעם ייִנגל אויפֿן
פֿערו. 3. אונטערלייגן. א, אַ שפּענדל
אונטערן פֿיסל פֿון טיש. 4. אונטערשטעלן.
א אַ קלעצל אונטערן לאָמפּ. *א אַ לאַמטערן
, ,
אונטערן אויג = שלאָגן ☐ עס זאָל בלײַבן אַ
סימן.
5. זעצן, קלאַפּן, שלאָגן פֿון אונטן. א,
עמעצן אין בויך אַרײַן. א, מיט די ריכטיקע
בוכצעס. 6. אוטוו. צוקלאַפּן, אונטערקלאַפּן.
א, אין באַראַבאַן. 7. (דרוקעריַי) צוזעצן פֿון
אונטן. א, אַ הערה. ־עכץ. ־עניש.
אונטערזעצן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך
צוזעצן אויף אַ קורצער צײַט. א, זיך אָפּרוען.
„געגאַנגען מיט זײַטנוועגלעך...דעם גאַנצן טאָג,

אונטערשפּרינגענדיק פֿאַר פֿרייד, אויך
אונטערזעצנדיק זיך אַמאָל", ממוס, ספֿר

הבּהאונטערזשורטשען

מות. 2. זיך צוזעצן (אַזוי ווי) בשתּיקה.
א, זיך צו אַ מיידל וואָס זיצט אויף אַ באַנק.
א, זיך און זיך אײַנהערן וואָס זיי ריידן.
3. זיך אַראָפּלאָזן. געבּעקס מיט ניט גענוג
הייוון זעצט זיך אונטער. א, זיך בײַם
קריגן אַ שלעכטע ידיעה. "די מילך האָט זיך
אונטערגעזעצט, מיר'ן באַלד האָבּן
זויערמילך", רייד. 4. מאַכן אַ נידעריקע
טאַנץפֿיגור בײַם טאַנצן (גיין) אַ קאָזאַק (
קאָזאַצקע) פֿלינק זיך א, און דערנאָך אַ שפּרונג
.
טאָן.
אונטערזרקענען — [...זאַרקענען] טרוו.
זרקע אונטער, ~געזרקעט. לר, וורר.
אונטערוואַרפֿן, פּטור ווערן צו ביסלעך אָדער
בשתּיקה. א, קאָנטראַבּאַנד. א, די געגנבֿעטע
זאַכן, איידער די פּאָליציי קומט אָן.
אונטערזשאַווערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געזשאַווערט. 1. בּהדרגה ווערן באַדעקט

מיט ראָסט. א, ווי אַן אקער ווינטערצײַט.
2. פֿיג. ווערן ביסלעכווײַז אָפּגעניצט, אַלט.
דער אַמאָליקער גלאַנץ נעמט א'. „די זיקנה,
ברודערקע! די ביינער זשאַווערן צו
ביסלעך אונטער“, רייד.
אונטערזשאַלעווען — טרוו. ־לעווע אונטער,
~געזשאַלעוועט. אויך מיט ז י ך. 1. קאַרגן
צו ביסלעך אָדער בנוגע קלייניקייטן. א,
דאָס ביסל געקעכטס פֿאַרן ווייַב. 2.
שאַנעווען, אָפּהיטן עמעצן צײַטנווײַז. א, ס'פֿערדל.
אונטערזשאַרען — טרוו. ־רע אונטער,
~געזשאַרעט. סל. אויך מיט ז י ך. 1.
בראָטן בהדרגה, אָדער צײַטנווײַז, אָדער נאָך אַ
ביסל. א אַ שטיקל פֿלייש. 2.
אונטער,
העצן. א, דעם עולם צו אַ מחלוקה. ־עניש.
אונטערזשוזשען — ־זשע אוגטער, ~
געזשוזשעט. אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט
אַרויסגעבן קלאַנגען (ענלעכע צו) זשו־זשו.
פֿליגן זשוזשען אונטער און צעשלאָגן די
מחשבֿות. טרוו — 1. אַרויסזאָגן אָדער
אונטערזינגען שטיל און אומקלאָר, עס זאָל
זײַן ענלעך צו אַ זשוזשען. א, אַ ניגונדל.
2. אײַנרוימען שטילערהייט. א, אַ רכילותל,

אַ סוד. ־עכץ. ־עניש.

אונטערזשוליקן — אוטוו. ־ליק אונטער, ~געזשוליקט. פֿון ציַיט צו ציַיט אָננעמען (אַ ביסל) ניט־ערלעכע מיטלען. א, בײַם האַנדל. ,,אַ נאַטור אַזאַ — אַפֿילו ווען ער וויל זײַן גוט, זשוליקט ער אויך אונטער,,, רייד. ־ערײַ.

אונטערזשומ(זש)ען — זשומ(זש)ע אונטער, ~געזשומ(זש)עט. אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען (ענלעכע צו) זשומ(זש)־זשומ(זש). די בינען זשומ(זש)ען אונטער. טרוו — דזוו ארנטערזשוזשען, טרוו.

,,האָט [ע▯] אונטערגעזשומזשעט מיט זײַן מאָנאָטאָנער, נאָר גלאַטער שטימע,,, שע, בלאָנ— דזענדע שטערן II. ־עכץ. ־עניש.

אונטערזשורטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע אונטער, ~געזשורטשעט. סל. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט ברומען שטיל און איינטאָניק (ווי פֿליסיק וואַסער). ,,דאָס

ריטשקעאונטערזשיוועןזיך

לע זשורטשעט אונטער אין די שטילע פֿאַרנאַכטן" ־עניש.

.

אונטערזשיוועז זיך — אוטוו. ־ווע זיך אונטער, זיך ~געזשיוועט. סל. נהנה זײַן אַמאָל; זיך דערמונטערן; זיך אונטערשטיצן. זיך א, מיט אַ שנעפּסל. זיך א, מיט אַ גמילותחסדל, מיט אַ מאָלצײַט בײַ אַ רײַכן קרובֿ.

אונטערזשילעטניק — דער, ־עס. (שנײַדערײַ) סחורה וואָס גייט אויף אונטערשלאַק פֿאַר זשילעטן, וועסטן. צושנײַדן דעם א'.

אונטערזשיפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~געזשיפּעט. קוים־קוים און מיט שוועריקייט אָטעמען. דער גוסס זשיפּעט נאָך אונטער. „— ווי האַלט עס מיט פּרנסה? — כ'ווייס, ער זשיפּעט נאָך אונטער אין זײַן געוועלבל“, רייד.

אונטערזשירירן — טרוו. ־ריר אונטער, ~זשירירט. 1. אומבאַטראַכט און פֿאַר צו פֿיל מענטשן זשירירן זייערע וועקסלען. 2. דזוו זשירירן. ־ונג.

אונטערזשירעווען זיך — רעפֿל. ־רעווע זיך אונטעד, זיך ~געזשירעוועט. סל. וורר, אוקר. עסן איבעריקס און פֿעטס כדי צוצוקריגן וואָג. א, זיך מיט אַ פֿעטן ביסן, א, זיך פֿון (מיט) גוטע כאַרטש.

אונטערזשל(י)אָקען — טרוו. ־קע אונטער, ~געזשל(י)אָקעט. פֿון צײַט צו צײַט אָדער בשתּיקה זויפֿן, שיכּורן. שפּײַען מיט בלוט און דאָך א'. ־עניש.
אונטערזשמיקען — טרוו. ־קע אונטער, ~געזשמיקעט. פּאָד. מג. אונטערריַיבן מיט זייף.
אונטערזשעבּרע(ווע)ן — אוטוו & טרוו. ־רע(ווע) אונטער, ~געזשעבּרע(ווע)ט. פֿון צײַט צו צײַט אָדער בשתּיקה בעטלען. אַ שוסטער אַ לאַטוטניק וואָס זשעבּרעוועט אויך אונטער אין אַן ענגער צײַט. א, אַן אָפּגעטראָגענעם מלבוש.
אונטערהבֿרן זיך — [...כאַווערן] אוטוו. חבֿר זיך אונטער, זיך ~געחבֿרט. זײַן חבֿר מיט עמעצן וואָס איז פֿון אַ נידעריקערן שטאַנד (מדרגה). א, זיך מיט פּוסטע יונגען.
אונטערהוזקן — [...כויזעקן] אוטוו. חוֹזק אונטער, ~געחוֹזקט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט חוזקן, אָפּלאַכן. א, פֿון אַ בעלגאווה. "די געבּילדעטע קינדער — זיי חוזקן אונטער פֿון אייגענע טאַטעס", רייד. „אַז דאַווידקאַ איז געקומען אין אָטריאַד, האָט מען פֿון אים אונטערגעחוזקט צו בּיסלעך",

שמחה סנה, 'דאָס געשריי אין דער נאַכט'.
אונטערה(ו)רשן — [...כוירעשן,...
כײרעשן] טרוו. ה(ו)רש אונטער, ~געה(ו)רשט.
אונטערקויפֿן. א, מיט אַ פֿאַלש שמייכעלע.
„ער האָט אַלעמען אונטערגעחורשט אויך",
באַש, גימפּל תּם.
אונטערהושך — [...כוישעך] דער. מצ נבֿ.
נעאָל. טיף פֿינצטערניש. „דו גייסט אין שיף
פֿון שקיעה אַוועק אין א"", אַל ‫I‬, 'אייביקייט'.

אונטערהזירן — [...כאַזערן] טרוו. חזיר
אונטער, ~געחזירט. 1. אָנחזירן, פֿאַרחזירן
פֿון אונטן; צײַטנווײַז מאַכן שמוציק, ברודיק.
א, די נײַע מלבושימלעך. א, אונטער די בעטן.
2. (אַזוי ווי) בשתיקה באַרעדן, באַשמוצן;
קאַליע מאַכן. א, דער כלהס רעפּוטאַציע. א,
די שותּפֿות.
אונטערהזן — [...כאַזן] דער, ־ים [...
כאַזאָנים]. ממלא־מקום פֿון חזן. הויפּט פֿון די
משוררים. „ווען דער א, זאָל ניט געווען
אָנהייבן צו דאַווענען, וואָלט די קריג נאָך
געווען אויסגעגאַנגען צו פּעטש"„ קמ, 1863,

.No 45

אונטערהזרן — [...כאַזערן] טרוו. חזר אונטער, ~געחזרט פֿון צײַט צו צײַט חזרן,
.
לערנען דאָס אייגענע ווידער און ווידער. ,,אויך אויפֿן גוטן קאָפּ קען מען אַלץ ניט שטעלן, מע דאַרף אויך א, די לעקציעס“, רייד.

אונטערהידושן זיך — [...כידעשן] אוטוו. חידוש זיך אונטער, זיך ~געחידושט. זיך חידושן, וואונדערן זיך אַ ביסל. ,,מיר האָבן טאַקע זיך אונטערגעחידושט אויף די אַלע וואונדיירים וואָס ער דערציילט“, רייד.

אונטערהילוק — [...כילעק] דער. מצ נבֿ. דזוו חילוק, אונטערשייד. ,,עס איז עפּעס אַזאַ א, (אונטערשיד) פֿון פֿריִער ביז יעצט“, קמ, 1868, No 10. [דער שרײַבער האָט אַפּנים ניט געוואָלט ניצן חילוק איבער דער פֿילבאַטײַטיקייט פֿון וואָרט ◌]

אונטערהכמהן זיך — [...כאָכמען] אוטוו. חכמה זיך אונטער, זיך ~געחכמהט. פֿון צײַט צו צײַט וויצלען זיך; צוּוואַרפֿן אַ חכמהלע; קליגלען זיך אויף יענעמס חשבון. אַ קלוגיטשקער, האָט ער ליב זיך א'.

אונטערהלומען — [...כאָ'לעמען] אוטוו. חלום אונטער, ~געחלומט. 1. צײַטנווײַז אויסמאָלן זיך, פֿאָרשטעלן זיך עפּעס אין דמיון. אונטערפֿאַנטאַזירן. א, פֿון עפּעס אומגעווײנלעכס. 2. אין געדאַנק אָפּקערן זיך פֿון דעם וואָס מע טוט. א, בײַ דער אַרבעט, בײַם לייענען אע. „שלימזלניק, חלום ניט אונטער, ווערסט זיך נאָך אָפּהאַקן אַ פֿינגער בײַ דער מאַשין", רייד.

אונטערהלק — [...כיילעק] דער, ־ים [...כאַלאָקים]. ← הינטערחלק. 1. אונטערשטער טייל פֿון קערפּער. הינטן; געזעס. גאָרניט טאָן און פּאַשען זיך דעם א'. „ער קען ניט זיצן אויף זײַן א, פֿאַר יסורים„, ייִפֿאָל, 2 .21 1887, No. טייל מיטן עק (בײַ אַ פֿיש). "איך וויל ניט דעם א', ווײַל ער איז פֿול מיט ביינער", רייד. 3. אונטערשטער טייל פֿון א מלבוש. קירצן דעם א'. „דער שנײַדער פֿרוווט זיך מאַכן פֿונעם א אַ פּע,
דערחלק, אַרבל — עס גייט נישט!", ממוס, קליינמענטשעלע. 4. יעדער אונטערשטער טייל. א, פֿון געבײַ. 5. קליינער, נישטיקער טייל. "[אים] קאָן איך דאָך...פֿון דער היים,

אַז ער איז בשום אופֿן ניט קיין גראַף,

אונטערהתמע(נע)ן

אַפֿילו ניט קיין א, פֿון אַ גראַף,,, יאַ,
שטערנטיכל, לײַפּציק 1861. 6. דזוו זאָדיק.
אונטערהלשן — [...כאַלעשן] אוטוו. חלש
אונטער, ~געחלשט. 1. חלשן פֿון צײַט
צו צײַט אָדער מאַכן דעם אָנשטעל פֿון חלשן.
אַ טבֿע אונטערצוחלשן ווי נאָר מע קען
ניט אויספֿירן וואָס עס ווילט זיך. 2.
צײַטנווײַז האָבן אַ גרויס באַגער אָדער
באַדערפֿעניש. ,,די אָרעמקייט האָט אים ניט
פֿאַרטעמפּט, ער חלשט אונטער נאָך די גוטע
זאַכן פֿון די אַמאָליקע יאָרן'', רייד.
אונטערהמצן — [...כאָמעצן] טרוו. חמץ
אונטער, ~געחמצט. 1. אָן אַ כּוונה, צופֿעליק
מאַכן חמצדיק. ''גייט ניט אַהין, איר ועט
מיר א, דעם פּסחדיקן באָרשטש,,. 2. (
שפּאַסיק) אָפּטאָן אַ שפּיצל; שטערן, קאַליע
מאַכן. א, דעם עסק. א, דעם רעדנער.
אונטערהנדלען זיך — [...כיינדלען] אוטוו.
חנדל זיך אונטער, זיך ~געחנדלט. פּרוּוון
געפֿעלן צו ווערן דורך מאַכן פֿון צײַט צו

צײַט חנדעלעך. א, זיך צו אַ רײַכן קרובֿ.
,,דו האָסט דאָך אַ חתן, וואָס חנדלסטו זיך
אונטער צו מײַן בחור?‘‘, רייד.
אונטערהנפֿע(נע)ן — [...כאַנפֿע(נע)ן] טרוו.
חנפֿע אונטער, ~געחנפֿעט פֿון צײַט צו
.
צײַט חנפֿענען עמעצן, איבערגעטריבן לויבן
אע (כּדי עפּעס צו קריגן, דערגרייכן). א,
דעם באַלעבאָס, דעם בעל־דעה, דעם מושל
אאַזוו. ,,דאַרף [דער מלמ] אַ ביסל...צוקנעלן
מיט די בעלי־הבתּים, זיי א',,, חבֿרה ,מפּיצי
ה t כלה,, אַ פּאָר ווערטער צו יודישע
עלטערן וועגן חדר, ווילנע 1914. אויך מיט
ז י ך — אוטוו. מיט געמאַכטער
פֿרײַנדלעכקייט, מיט גוטע רייד זיך מיִען געפֿעלן צו
ווערן. ,,האָבן זיי שוין אויפֿגעהערט לאַכן
און האָבן פֿאַרקערט זיך אָנגעהויבן א, צו
מיר,,, י. בריאָנטקי, די ערשטע עבֿירה,
פּעטערבורג 1887. ,,אָט אַזוי, האָב איו דיו
טאַקע ליב — רופֿט [ער] זיך אָן,
אונטערחנפֿענדיק זיך‘‘, ממוס, ווינטשפֿ ־עניש.
.
־ער (־ין, ־קע).

אונטערהקירהן זיך — [...כקירען] אוטוו.
חקירה זיך אונטער, זיו ~געחקירהט. איר.
חקירהן זיך אַ ביסל, זיך גריבלען. א, זיך
וועגן די פשוטסטע ענינים.
אונטערהשבונען — [...כעזשבענען] טרוו.
חשבון אונטער, ~געחשבונט. אונטערציִען,
אונטערפֿירן אַ סך־הכּל; מאַכן לעצטגילטיקן
חשבון. א, אַז מ'איז באַנקראָט. א, די
באַגאַנגענע נאַרישקייטן.
אונטערהתמע(נע)ן — [...כאַסמע(נע)ן] טרוו.
חתמע (חתמען) אונטער, ~געחתמעט (~
געחתמענט). 1. אונטערשרײַבן אייגנהאַנטיק
דעם נאָמען אונטער אַ געשריפֿט;
באַשטעטיקן מיט אייגענער אונטערשריפֿט. א, אַ
דאָקומענט, אַ רעזאָלוציע, אַ באַשלוס אאַזוו.
„דרנאך, אַז זיא כל דבֿר ודבֿר אונטר חתמת
האבן בחתימת ידם בפּנקס הנ״ל“, תּקק.
„בעלי זצ״ל האָט פּטורי, גישריבין פֿאַר זיך
איינישׂ און, פֿאַר ר, יודא איינישׂ וועלכי

אונטערטאַדלען

זי בידי [=ביידע] כנהוג אונטר חתמנת
האבין“, גה, 114. 2. פֿיג. אַזוי ווי אַליין

באַשטימען אויף זיך עפּעס שלעכטס. א, דעם אייגענעם גורל (אורטייל, טויט־אורטייל) מיט אַ פֿאַלשן טריט, אַ פֿאַרבּרעכן, אַ נאַרישקייט אע.

אויך מיט ז י ך — אָנטוו. א, זיך אונטער דער בּקשה. ,,און זי האָט אים זייער אָנגעזאָגט אַז ער זאָל דאָס כּתבֿ זייער היטן און זי האָט זיך הינטן [= אונטן] אונטערגעחתמעט,,, נחבֿ, 'מעשׂה מבּערגיר והעני'. ,,די אומוויסנהייט און דערשלאָגנהייט פֿון דעם פֿאָלק האָט זיך אונטער זיי אונטערגעחתמעט“, וואָס ווילן די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד7, זשענעוו 1899.

אונטערטאַדלען — טרוו. ־דל אונטער, ~ געטאַדלט. אַ ביסל טאַדלען; פּירוואַרפֿן פֿון צײַט צו צײַט אָדער לפּנים ווענן. א, די אייגענע קינדער.

אונטערטאָטשען — טרוו. ־טשע אונטער, ~געטאָטשעט. 1. אונטערשלײַפֿן. א, דעם שפּיץ פֿון אַ בּראָכשטאַנג. 2. אויסהוילן פֿוו אונטן. א, אַ שטיין. 3. צונייען פֿון אונטן. ,,[ער] איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די העמדלעך. קיין נײַע קאָן מען ניט קויפֿן. האָט זי אונטערגעטאָטשעט און פֿון צוויי קליינע

געמאַכט איין גרויסע“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940. ־עניש.
אונטערטאַלירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~טאַלירט. (קאָרטנשפּיל) בכּיוון אונטעררוקן אַ קאָרט (קאָרטן) בײַם טאַלירן, בײַם דורכמישן די קאָרטן און אויסטיילן זיי צו די שפּילערס.
אונטערטאַלעבענדען — אוטוו & טרוו. ־דע אונטער, ~טאַלעבענדעט. ← ~ טעלעבענדען. במקום־ווערב פֿאַר פּלאַפּלען, אַרומשלעפּן זיך, אונטערשלאָגן אאַ. א, מיטן מויל דער רוח ווייסט וואָס. א, אָן אַרבעט. א, אונטערן אויג אַ סימן אויף צו געדענקען.
אונטערטאַן — דער, ־ען. < דײַטש. פּפֿ: ~טאַנער. ווער עס איז אונטער אַ הערשאַפֿט פֿון אַ מאָנאַרך, אַ דיקטאַטאָר, אַ פּריץ בײַ אַ פֿעאָדאַלער אָרדענונג. 'בירגער, פֿון אַ לאַנד אונטער אַן אומדעמאָקראַטישן רעזשים. זי איז אויך אַן א, פֿון קייסער. „איין קיניג [וואָס] גריקישע אונטערטהאַנן האָט„, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. „ווען איין שׂררה זאָלט אירן אונטר טאַנן וואשׂ גיביטן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו

1796. ,,[ייִדן] האָבן הייליק געהאַלטן די שבֿועה
און האָבן פֿאַרדינט דעם נאָמען וויערנאָ
פּאָדאַנעס (טרײַע א'ען),,, בּרוך רידזונסקי, איבּז,
'הודעה על פּי פּקודת הקיסר יר"ה לעדת
יהודים דגובּערניעס ווילנא והוראָדנא ואָבּלאַסט
בּ אַליסטאָק', ווילנע 1812. ,,דאָס ערנסטע
געי
בּעט פֿון אַלע געטרײַע רוסישע א'ען", קמ,
15 l865, No. ,,ער האָט זײַן גאַנצן כּעס
נאָר צו די אומגליקלעכע א'ען, די פּויערן,
געקאָנט אויסלאָזן", אַש, תּהילים־ייִד. "די
העזה פּוגע בּכּבֿוד צו זײַן אַ דײַטשן א',,,
זשיט י. ,,האָט מיך אָנגענומען פֿאַר אַן

אַראַ4 ,

בּער, אַ טערקישן א'", מר I י. פֿיג. ,,האָסט
נאָר דאָס וואָרט...אַרויסגערעדט...בּיסטו שוין
געבּונדן, און אַן א, צו דעם וואָרט,,, ר, יצחק
האַמבּורגער, שיח יצחק, קראָקע 1882. ־יש
— אַדי.
אונטערטאַן — אַדי. אַרכ. ־ Mhd: un(le
t n. וואָס געפֿינט זיך אונטער עמעצנס מאַכט;

אָפּהענגיק; אונטערגעגעבן. אונטערטעניק. „די
פֿרוי איז א, דעם מאַן“, צור, בראשית.
„בלייַבט אים לנד און, זײַט דעם קיניג בבֿל
אונטר טאַן“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג
1602, מ, 9. „צוועלף טויזנט הייליקע
מלאָכים זענען אים א'„ יענטע בת יצחק, ע□tרת
הדברות ביכל [אָנהייב 19. י״ה]. מיט ו ו
ער ן: „איך בין אַרום און, שפּל און, אונטר
טאַן גיווארן„, סהמ, תּהלים, קיט, 107. מיט
מ אַ כ ן: “דאשׂ ברומונג פֿון דיא פֿרעמדן
האשׂטו גימכט אונטר טאַן„, סהמ, ישעיה,
כה, 5 [תּי: „דאָס געריש פֿון די פֿרעמדע
אונטערטעניקסטו“].
אונטערטאָן — דער, ־טענער. 1. (מוזיק)
טאָן וואָס איז נידעריקער ווי די געוויינטלעכע
הייך. דערדריקטער, אײַנגעהאַלטענער טאָן.
„(שוין אויף די א, טענער פֿון אַ באַס)“,
מלה I, נ״י 1934. פּיג. „אַ געניטער אויער
וואָס קען אויפֿכאַפּן פּאָליטישע טענער און
א'טענער“, שלמה בן י□tראל, פֿאָר, 1964
□ 13. “איר זײַט גרייט צו פֿאַרהערן די
פֿאַלשע א'טענער וועלכע גנבֿענען זיך אַרײַן“,
שנ, ייִד, שדײַבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

2. קאָליר וואָס ווײַזט זיך פֿון אונטער אַן
אַנדער קאָליר; דערדריקטע שאַטירונג פֿון אַ
קאָליר. אַ בלאַסער א'.

אונטערטאָן — טרוו. טו אונטער, ~געטאָ'ן
(פּד: ~געטי'ן). 1. פּד. אָנטאָן פֿון אונטן.
טו אונטער וואַרעמע (אונטער)וועש. 2.
אונטערלייגן. „טו אונטער [טוו פֿאַר I ים] דײַן
האַנט אונטער מײַן דיך“. 3. בשתּיקה
אָפּטאָן. אויך. פֿאַרשעלטן, אָנטאָן אַ כּישוף. א,
.
דעם בן־מלך און פֿאַרוואַרפֿן אים אין אַ
בעטלער. „אַ טייל האָבן געזאָגט — ס'איז אַ
כּישוף, דאָס האָט אים זי, די מרשעת,
אונטערגעטאָן“, ח. ד. גילדענבלאַט, בײַ'ן tטן
אין האנד, ווילנע 1895. 4. אונטערטעניקן.
“אַז הקב„ה איז גוזר אַ גזירה, איז ער
זי מבֿטל...און אַלע מקטריגים ווערן אונטער
אים אונטערגעטאָן“, נצ2.

אונטערטאַנדעטעווען — אוטוו. ־טעווע
אונטער, ~געטאַנדעטעוועט. פֿון צײַט צו צײַט
אָדער אַ ביסל (צום סוף) טאָן אַן אַרבעט
שלעכט, כּלאחר־יד. א, בײַם אויספֿאַרטיקן אַ
מלבוש. א, בײַם שרײַבן אַ באַריכט.

אונטערטאָן זײַן — צזוו. אַרכ. זײַן

אונטערטעניק, זײַן אָפּהענגיק פֿון אַן אַנדערן.
זיך אונטערגעבן. פֿרגל אונטערטאָן, טרוו, בֿ4.
באַר נוינאן צוואלבן מאג איך ניט בשטון

,,
[= באַשטיין] דרעיי צעהן וועלן מיר ניט
זײַן אונטער טון“, ש. הוגרלן, ,ווערפֿלליד',
15. י“ה [ריב, קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן...].
אונטערטאָ'ניק — אַדי. וואָס איז

אויסאונטערטאַנשאַפּט

געדריקט אין אַן אונטערטאָן. א'ע
אָנשטעלונג פֿון אַן אינסטרומענט.
אונטערטאַנצן — טאַנץ אונטער, ~געטאַנצט.
אוטוו & טרוו — טאַנצן פֿון צײַט צו צײַט;
אַ ביסל זיך באַטייליקו אין אַ טאַנץ. א, די
האָפּקע. א, דעם פֿאָלקסטאַנץ אין אַ
קאַראַהאָד. ,,טאַנצן אויף אַן אמת קען איך ניט,
איך טאַנץ נאָר אונטער מיטן עולם,,, רייד.
אוטוו — 1. אונטערהאָצקען; אונטערהייבו
זיך. דורכפֿירן איינע אָדער אַ פּאָר טאַנץ־
פֿיגורן. ,,אַז עס איז געקומען צום 'כשם שאני
רוקד, — האָבן מיר אונטערגעשפּרונגען,

ממש אונטערגעטאַנצט‘‘, שע, מע▯יות און פֿאַנטאַזיעס. „עס איז אַרויס אַ בת־קול אַז ער [דער בעשט] האָט פֿאַרלוירן זײַן חלק לעולם הבא — האָט ער אונטערגעטאַנצט פֿאַר פֿרייד. פֿון הײַנט אָן וועט ער זײַן —

.

אַן אמתער 'עובֿד מאהבֿה',„ פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „איין מומע, אַ גראָבע ייִדענע מיט אַ צעשמירט שוויצנדיק פּנים, אין אַ ברייטע סאַמעטענע פעלערינע האָט עפּעס מאָדנע אונטערגעטאַנצט,„ יאושזאָהן, אויף דער פֿרישער לופֿט, וואַרשע 1912.

אויך מיט ז י ך, מיטן בּ אַזוי זיך, כתם אַזוי. א, זיך אַ פּאָלקע. „ביסלעכווײַז איז ער צוגעוואוינט געוואָרן און פֿלעגט זיך אָפּט א, גאָר נישקשה‘‘, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג 5 1900, No.

2. באַוועגן זיך אַזוי ווי בײַם טאַנצן. שאָקלען זיך, טרייסלען זיך. „ווען דער צוג איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן, האָט בײַ מיר אַלעס אין צימער געציטערט, געטרייסלט זיך און אונטערגעטאַנצט,„ ראובֿן ברײַנין, שריפֿטן, וואַרשע תּר‘‘ע. „די אויגן בײַ אים בשעת מעשׂה פֿינקלען און די לאַנגע באָרד טאַנצט אונטער

צום טאַקט“, סמב.

3. אונטערשפּרינגען. „איך בין געווען אַזאַ רעקרוט אַז איך האָב אַלעמאָל פֿאַרלאָרן דעם שריט, און כּדי אויסצוגלײַכן זיך מיט די אַנדערע, האָב איך געדאַרפֿט א',,, רייד. „דער רבי האָט מיך געלערנט: אַז מע גייט פֿאַרבײַ אַ קלויסטער, דאַרף מען זאָגן 'שקץ תּשקצנו', אויסשפּײַען דרײַ מאָל און דערבײַ א'“, רייד. „האָבן זיי פֿון פֿרייד

אונטערגעטאַנצט“, ש. איזבאַן, טמז, 21 □ 1964 .II.

א, פֿאַרן גבֿיר און אים חנפֿענען. 4.

אויסדריקן מיט עפּעס אַ באַוועגונג אַ שטאַרק געפֿיל□ אַרויס(גיין) פֿון די כּלים. א, פֿון

-

אויפֿרעגונג, פֿון כּעס. ‘‘ווען זי האָט געהערט אַ גוט וואָרט וועגן געוועזענעם חתן, האָט זי ממש אונטערגעטאַנצט,,, רייד -עכץ.

.

-עניש.

אונטערטאַנצנדיק — אַדי. גערונדיוו פֿון דפֿוו ←. אויך. פֿריילעך, אָנזאָרגנדיק. „ניט

.

מיט קיין פֿריילעכן גאַנג, ניט מיט א'ע טריט מאַרשירט מען צו פֿרײַהייט“, הלל זײַדמאַן,

-

טמז, 2 4 19 I.

אונטערטאַנשאַסט — די (דאָס), ־ן.

1. מצבֿ, סטאַטוס פֿון זײַן אַן אונטערטאַן, אַ שווער א.. 2. סכוס, גאַנצער קאָלעקטיוו אונטערטאַנען. אַ סעניאָ'ר מיט אַ גרויסער א, פֿון פּויערים.

אונטערטאַסעווען

אונטערטאַסעווען — טרוו. ־סעווע אונטער, ~געטאַסעוועט. דזוו אונטערטאַלירן.

אונטערטאַסקען — טרוו. ־קע אונטער, ~געטאַסקעט. סל. 1. דזוו שלעפּן. ביסלעכווײַז ברענגען צו טראָגן, ברענגען צו שלעפּן. ,,טאַסקעט מען אונטער האָלץ און קאַרטאָפֿל און גרויפּן און אַלץ וואָס מע באַדאַרף אין אַ שטובֿ“, רייד. 2.

אונטערגנבֿענען (ווען מע זעט ניט אין דעם קיין חטא). „ניט אַזוי דאָס געהאַלט, מע טאַסקעט אונטער פֿון מאַגאַזין אַלץ וואָס עס לאָזט זיך„, רייד.
אונטערטאָפּטשען — טרוו. ־טשע אונטער, ~געטאָפּטשעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט טרעטן שווער, קנעטן מיט די פֿיס. א, די בלאָטע. 2. מאַכן אַ ביסל שמוציק. א, די פּאָדלאָגע. 3. אַ בי ל צונויפֿדריקן מיט די פֿיס. א, היי. 4. דורכפֿירן דעם געשלעכטאַקט — וועגן עופֿות. דער האָן טאָפּטשעט אונטער די הינער. ־עניש.
אונטערטאָפּטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פּאַמעלעך זיך רירן פֿון אָרט, גאָרניט אָדער זייער ווייניק אויפֿטאָן. א, זיך בײַ דער אַרבעט, בײַם לייענען אַזוו.
אונטערטאָפּיען — טרוו. ־פּיע אונטער, ~געטאָפּיעט. סל. 1. בהדרגה שמעלצן, צעלאָזן. א, וואַקס אויף ליכט. די זון טאָפּיעט אונטער דאָס אײַז אויפֿן טײַך. 2. אָפּטונקען, אַראָפּלאָזן אונטערן וואַסער. „ אינדערפֿרי האָבן מיר...[דאָס הינטל] אונטערגעטאָפּיעט אין דער באַליי(ע), פֿון פֿליי אויסגעבאָדן„, ק. הײַזלער, קומאַרנער פּאַרשוינען.

־עכ ן. ־עניש.
אונטערטאָפּלען — טרוו. ־פּל אונטער, ~
געטאָפּלט. צײַטנווײַז מאַכן אָדער זען טאָפּל, צווייפֿאַך. „נאָך דער ערשטער כוסע האָט זיך אים גענומען אַלץ א, אין די אויגן“, רייד.
אונטערטאַפּן — טרוו. טאַפּ אונטער, ~
געטאַפּט. 1. טאַפּן פֿון אונטן. א, די הון, זען צי זי האָט שמאַלץ. 2. צו ביסלעך אָדער צײַטנווײַז טאַפּן, אָנרירן מיט די הענט. א אַ זאַק תּבֿואה. 3. וואוילגעריש.
,
פּאַטשן, שלאָגן אַ ביסל. א, דעם חבֿרה־מאַן, דערלאַנגען אים אַ מתּנת־יד. 4. פֿיג. פּרוּוון געוואויר ווערן, דערגיין דרך־אַ בֿ, כּלאחריד. א, וואָס עס טוט זיך בײַם שכן. מיט ז י ך — קזוו פֿון צײַט צו צײַט זיך טאַפּן
.
(סעקסועל). ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערטאַפּעצירן — טרוו. ־ציר אונטער, ~טאַפּעצירט. טאַפּעצירן, באַקלעפּן מיט שפּאַליר טיילווײַז, בהדרגה אָדער פֿון אונטן. א, די װענט כאָטש פֿון איין צימער פֿרגל
.

אויסטאַפּעצירן, איבערטאַפּעצירן.

אונטערטאַץ — די, ־ן. שאַל, קליין פּלאַך טעלערל, וואָס מע שטעלט עס אונטער געווײנטלעך אונטער אַ גלאָז אָדער אַ טעפּעלע. טרינקען טיי פֿון אַ', ווי אַ פּויער.

אונטערטאָקן — טרוו. טאָק אונטער, ~ געטאָקט. 1. טאָקן פֿון אונטן. אַ, די פּיסלעך פֿון טיש. 2. ביסלעכווײַז פֿון צײַט צו צײַט טאָקן. הובלען און אויך אַ'. 3. זאָגן צײַטנווײַז אַ גוט־צוגעקלערטן ליגן. אַ, אַ ליגן אַז אַלע זאָלן גלייבן. ־עכץ. ־עניש.

אונטערטאַקסירן — טרוו. ־סיר אונטער, ~טאַקסירט. 1. אַרויפֿלייגן אַ טאַקסע, אַז אָפּצאָל, אַ שטײַער נידעריקער, ווייניקער ווי מע וואָלט געדאַרפֿט, ווי עס איז יושרדיק. אַ, די רעדלפֿירערס. 2. אונטערשאַצן; אָפּשאַצן דעם פֿאַרמעגן ווייניקער ווי ער איז. אַ, די קראָם מיט די פֿולע פּאָליצעס ־ונג.

אונטערטאַקע(ווע)ן — אוטוו. ־קע(ווע) אונטער, ~געטאַקע(ווע)ט. ־a, :ni, <]. מסכּים זײַן, צושטימען. כּסדר זאָגן [Ina,

יאָ אָדער טאַקע. אַ חונף טאַקעוועט אונטער
דעם בעל־דעה. „יאָ, אָ...טאַקעוועט אים
אונטער דער טיי־סוחר“, אַש. ־קעניש.
אונטערטאַראַבאַניען — אוטוו & טרוו.
־ניע אונטער, ~טאַראַבאַניעט. פּפֿ: ~
טאַראַבאַנעווען. פֿרגל ~באַראַבאַנעווען. 1.
קלאַפּן צײַטנווײַז אין אַ פּויק (געוויינטלעך איר).
א', פֿאַרהלושען דעם קאָפּ. 2. צײַטנווײַז
ריידן אָדער זינגען אַזוי אַז עס מאַכט דעם
אײַנדרוק פֿון קלאַפּן אין אַ פּויק. א, ווי
בײַ אַ דרשה פֿאַר די וואַלן.
אונטערטאַראַכקען — דזוו
אונטערטראַכקען ←.
אונטערטאָרגעווען — אוטוו. ־געווע
אונטער, ~געטאָרגעוועט. סל. האַנדלען
ניטשטענדיק, בײַ אַ געלעגנהייט אָדער בשתיקה.
א, מיט טרייפֿער סחורה.
אונטערטאָרגעווען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
דינגען זיך צו ביסלעך, פּרוּוון דורכקומען
אויף אַ נידעריקערן פּרײַז. א, זיך ווי אויפֿן
באַזאַר.
אונטערטאָרמאָשען — טרוו. ־שע אונטער,
~געטאָרמאָשעט. רוסיצ. 1. טרייסלען; וועקן
מיט אַ צוריר פֿון האַנט. א, עמעצן,

אויפֿהייבֿן אים פֿון בעט. 2. צורײדן עמעצן, באַוועגן א□ם בהדרגה עפּעס צו טאָן. א, עמעצן, ער זאָל זיך נעמען פֿאַר אַ מלאָכה.

אונטערטאַרן — טרוו. טאַר אונטער, ~געטאַרט. לר (זאַמעט). באַשמירן אַ ביסל אָדער פֿון אונטן מיט סמאָלע, טאַר. א, די רעדער, זיי זאָלן ניט סקריפּען. א, אַ שיפֿל.

אונטערטאַרעווען — טרוו. ־רעווע אונטער, ~געטאַרעוועט. סל. ווי ניט איז מאַכן גלײַך די וואָג. דזוו אויסטאַרעווען. א, די וואָג מיט שטיינער.

אונטערטאָר(ק)ען — טרוו. ־(ק)ע אונטער, ~געטאָר(ק)עט. פּפֿ: ~טורקען, לר. 1. פֿון צײַט צו צײַט אָנרירן, שטויסן, שטופּן. א, עמעצן, ער זאָל ניט אײַנשלאָפֿן. "דער מלמד האָט אונטערגעטאָרעט די פֿאַרשלאָפֿענע תּלמידים", י. העשעלעס. 2. אונטעריאָגן, אונטערטרײַבֿן. א, די פֿאַרמאַטערטע פּועלים. 3. אוטוו. אַרבעטן פֿויל, צו ביסלעך. "מע טאָרעט אונטער און מע קוקט אויפֿן זייגער", רייד. מיט ז י ך — קזוו. זיך שטופּן, זיך שטויסן צו ביסלעך. „די קינדער האָבן

ניט וואָס צו טאָן, טאָרקען זיי זיך אונטער,,, רייד. ־עניש.
אונטערטאַש — די, ־ן. אונטערשטע אָדער הינטערשטע קעשענע. ,,די באָבע...ציט אַרויס פֿון איר א אַ גרויס פֿולאַרן טיכל און ווישט

,

זיך אָפּ דעם שטערן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אונטערטאַשן — טרוו. טאַש אונטער, ~ געטאַשט. אונטעררוקן אַ קאָרט בײַם אויסטאַשן די קאָרטן. א, יענעם אַ נײַנטל און זיך אַ טויז. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערטובֿלען — [...טויוולען] טרוו. טובֿל אונטער, ~געטובֿלט. אויך מיט ז י ך. אויף דער גיך, ווי ניט איז אָפּטוקן, אָפּטונקען, טובֿל זײַן. ווידער א אַ געכשרטע כלי.

,

,,זײַנען די רײַטערס אַראָפּגעפֿלויגן אין ים אַרײַן און זיך גאַנץ נישקשהדיק
אונטערגעטובֿלט“, ד. פֿלינקער, טמז, 28 1965 I.
אונטערטויגן — אוטוו. טויג אונטער, ~

געטויגט. אויך מיט ז י ך. טויגן, פּאַסן, זײַן ניצלעך ווי ניט איז אָדער צײַטנווײַז. עס טויג אונטער אויף תשעה (טישטשע) נײַנציק ▯ פּרות.

אונטערטויטשען — טרוו. ־טשע אונטער, ~געטויטשעט. שטויסן, קלאַפּן, קוועטשן, דריקן בהדרגה. טויטש אונטער די געקאָכטע קאַרטאָפֿל פֿאַר די גענדז. מיט ז י ך אויך: האָבן געשלעכטלעכע באַציאונגען.

אונטערטויכן — אוטוו & טרוו. טויך אונטער, ~געטויכט. 1. אונטערטונקען. אַרונטערלאָזן (זיך) אונטערן וואַסער. א, עמעצן בגוואַלד פֿישעלעך...טויכן אַ ווײַלע אונטער ".

אין דער פֿלאַכער טיפֿקייט און ערשײַנען ווידער", יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע"ב, רעד, משה פֿראָסטיג, לעמבערג 5 No, 1911. "זיי וועלן א, אין דעם הייליקן טײַך ניל", קאָר II. „ווילן זיך לאָזן אויפֿן אומבכּבֿודיקן וועג פֿון פֿאַרשווינדן, פֿון א, אונטער פֿרעמדע וואַסערן", שטריגלער. 2. פֿיג. אויסבאַהאַלטן זיך. נעלם ווערן. „אים איז נאָך דער מלחמה געלונגען 'אונטערצוטויכן'", מ. זשיד, פֿאָר, 20 1965 II. אויך מיט ז י ך ־עניש.

.

־ער.

אונטערטויער — דער, ־ן. 1. שטח בײַ
אָדער אונטער דעם דעכל פֿון טויער. זיך
קושן אין א.. 2. הינטערטויער. „האָב איך
דאָס פֿערד און וועגעלע געהייסן שטיין
בלײַבן בײַ דעם א'“, יא, גענאַרטע וועלט.

אונטערטויסן זיך — רעפֿל. טויף זיך
אונטער, זיך ~געטויפֿט. זיך שמדן אַ ביסל
(איר). זיך אונטערשמדן. זיך א, כּדי
אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט.

טוליעט. פּפֿ: ~טולענען, לר. טוליען,
אונטערטוליען — טרוו. ־ליע אונטער, ~

געצודריקן צו באַשירעמען אונטער עפּעס אָדער
עמעצן. די קוואָקע טוליעט אונטער אירע
עופֿעלעך. אויך מיט ז י ך — א, זיך
הינטער דער מאַמעס פֿאַרטעך. א, זיך בײַ אַ
שטאַרקער אָרגאַניזאַציע.

אונטערטומלען — אוטוו. ־מל אונטער, ~געטומלט. מאַכן צײַטנווײַז אָדער צו בּיסלעך אַ טומל. א, ווען דער לערער קערט זיך אָפּ. אויך מיט ז י ך — אַרומלויפֿן, מאַכן אַ טומל בּײַם בּאַמיִען זיך צו פֿאַרדינען אָדער עפּעס אויפֿצוטאָן. ,,איר מיינט, ער פֿאַרדינט עפּעס? ער איז נאָר אַ מנחם־מענדל און מוז זיך א,“, רייד.

אונטערטונקען — טרוו. טונק אונטער, ~ געטונקען, ~געטונקט. 1. אַראָפּלאָזן אינגאַנצן אונטערן וואַסער. א, אַ כל□, אַ בּעל־חי. ,,רחיצה — מיינט עס אָפּצוּוואַשן דעם קערפּער פֿון שמוץ, אָבער טבֿילה מיינט שוין א, דעם קאָפּ מיט אַ כוונה“, פֿאָר, 1964 □I 11. 2. פֿון מאָל צו מאָל אַרײַנטאָן און אַרויסנעמען עפּעס פֿון פֿליסיקייט, כּדי אָנצוזאַפּן מיט דער פֿליסיקייט. א, לעקעך אין בּראָנפֿן.

אונטערטונקען זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל. בּײַם בּאָדן זיך. ,,ער האָט זיך תּיכּף אונטערגעטונקען און איז געלעגן צוויי מינוט אונטערן וואַסער“, געשיכטע פֿון איין כּש וף מאַכער, לעמבּערג 1903. ,,אַ פּאַטש געטאָן

איבערן וואַסער און מיט אַ פֿריילעכן קוויטש
זיך אונטערגעטונקען,,, אָפּאַ, אַליין. 2. בײַם
טובֿלען זיך. "'מקוה ישׂראל ה'" וואָס איך ווײַז
אײַך דאָ אָן, טינקט זיך אונטער אין אים,
טובֿלט אָפּ דאָרט אײַער נשמה...וועט איר
דערזען אַ נײַע לעכטיקע וועלט", ר, בנציון
מישנאַייעווסקי, תּורת ציון, ווין 1923. "ניט
שרעק זיך, קינד פֿאַרגאַנגען איז דאָך שוין
...
די זון — דו מעגסט זיך א',,, מר I.
3. אוטוו. פֿון זיך, אָן אַרײַנמיש פֿון אַ
זײַטיקן כּוח. ,,גרויסע שטיקער אײַז...קריכן
איינע פֿון די אַנדערע, טונקען זיך אונטערן
וואַסער און שפּרינגען צוריק אַרויס,,, י.
קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבן. 4. פֿיג. ,,ער קען
ניט א, זיך אין דער מאַסע און דאָרט
צערונען ווערן,,, קאָר II. א, זיך אין ים־התּלמוד.
א, זיך אין לערנען. ־עכץ. ־עניש.
־ערײַ.
אונטערטופּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~
געטופּעט. טופּען מיט די פֿיס פֿון צײַט צו
צײַט; שטעלן צײַטנווײַז הילכיקע טריט.
צוהעלפֿן מיט טופּען. א, מיט שווערע שטיוול.
אונטערטוקן — טרוו. טוק אונטער, ~

געטוקט. דזוו אונטערטונקען, בּ1. אַרכ בּײַטעם. „האָט אים דאָס וואַסער אויפֿגעהויבּן און נאָך צוויי מאָל אונטערגעטיקט, און אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער יבּשה“, י. ל. שפּירא, דער אידישער גײַסט, מונקאַטש 1932. געניצט ספּעצ ווען עס רעדט זיך וועגן טבֿילה. מלל פֿאַרטײַטשט 'ויטבל בּירדן, (מלכים בּ, ה, 14): “אונטר טוקין„. „ס'איז פֿאַר יודלען נאָר איין מיטל: נעמט...טוקט אים אונטער גוט אין וואַסער“, ממו , יודל. „נאָך הײַנט פֿאַרנאַכט טוק איך זי אונטער אין טײַך“, אָפּא, 'אַרום אַ מיל'. אויך אוטוו. „מיט דער זון וואָס שווימט...פֿון מיטן שלייער־נעפּל אַרויס און טוקט צוריק אונטער פֿאַרשעמט“, פּרץ, לידער און פּאָעמען. ־עכץ. ־עניש.

6 ,

אונטערטוקן זיך — ← דפֿוו. ←

אונטערטונקען זיך. „די וואַסער־ווידרע...זי שווימט און טוקט זיך אונטער אין וואַסער אַזוי פֿלינק אַז זי קען דעריאָגן און כאַפּן פֿיש“, בילדער פֿון טהיער לעבּן, ווילנע 1898. ספּעצ:

1. בּײַ טובֿלען זיך. „צום ערשטן זיך איין

מאָל אונטערצוטוקין און, דער נאָך די בּרכה
צו זאָגן און, דער נאָך וידר איין מאָל
אונטער צו טוקין — אַזו איז זיך צום בּעשׂטן
נוהג צו זײַן“, עח, הלכות טבֿילה. „און,
מן איז זיך טובֿל אם ערבֿ יום כפּור פֿון
קרי וועגן, און, ער בּידאַרף זיך נישט מין
[= מיין] אַז איין מאָל אונטער צו טוקן“,
צאינה, קנח/א. 2. בּײַם בּאָדן זיך. „
הערשעלע איז בּײַם א, זיך אײַנגעזונקען געוואָרן
אין דער זומפּיקער בּלאָטע“, ממוס, ווינטשפֿ.
“א, זיך, אָדער ווי מע רופֿט עס 'נורקעווען,
איז נישט געלעגן אין זײַן נאַטור„, פּרץ,
'וועגן אַ שווימער...'. 3. פֿיג. „[זי] האָט זיך
גלײַך אונטערגעטוקט אין דעם [מענטש▯]־
שטראָם“, בּערג, בּײַם דניעפּער II. “אויפֿן
געסל גיט אַ פֿאַל די פֿינצטערניש. דאָס געסל
גיט זיך אַ טוק אונטער, און בּיז אינדערפֿרי
בּלייַבּט עס ווי אויפֿן גרונט ים“, פּמ, איינס
אויף איינס. „נאָך עטלעכע מאָל א, זיך אין
דעם ים־התּלמוד האָט הערשעלע שוין
געשפּירט אַ קעלט„, ממוס, ווינטשפֿ.
אונטערטוקער — דער, ־ס. ים־פֿויגל מיט
קורצע פֿיס, מער פֿון
הינטן ווי בּײַ

אַנדערע פֿויגלען; גוטער
שווימער און א,;
באַוועגט זיך שווער
אויף דער יבשה; פֿון
אַ גרעסערער משפּחה ים־פֿייגל — וואָס הייסן
.. □ rinator □ (lae
אונטערטושירן — טרוו. ־שיר אונטער,
~(גע)טושירט. רעטושירן פֿון אונטן אָדער
אַ ביסל. די פֿאָטאָגראַפֿיע איז געלונגען, נאָר
מע דאַרף זי א,.
אונטערטיטל — דער, ־ען. צווייטער,
אונטערשטער טיטל (נאָמען) פֿון אַ ווערק, אַ
בוך, אַ קאַפּיטל. ,,די קליאַטשע אָדער
צערבעלי־חייס“. ,,די טאַקסע אָדער די באַנדע
שטאָט־בעלי־טובֿות“. ,,מסעות בנימין השלישי,
דאַס הייסט די נסיעה אָדער אַ רײַזע־
באַשרײַבונג פֿון בנימין דעם דריטן“. “הנאהבֿים
והנעימים אָדער דער שוואַרצער
יונגערמאַנטשיק,, [יד'ס ראָמאַן איז געוואָרן פּאָפּולער
גראָד מיטן א']. ,,אבֿן נגף אָדער אַ שטיין
אין וועג“, [די סיסטעם פֿון געבן אַ
לשונקודשן טיטל און אַ ייִדישן א, איז
כאַראַקטעריסטיש אַזש ביזן סוף 19. י,,ה.]
אונטערטיטשען — טרוו. ־טשע אונטער,

~געטיטשעט. סל. אוקר, וורר. פֿון מאָל צו מאָל אונטעררוקן, שטופּן אין די אויגן אַרײַן. א אַ פּאַפּיר אונטער דער נאָז, און

,

זאָל ער זען.

אונטערטײַטלען — אוטוו & טרוו. טײַטל אונטעד, ~געטײַטלט. 1. פֿון צײַט צו צײַט טײַטלען. „ער זאָגט שוין עבֿרי ווי אַ

וואַאונטערטינקעווען

סער, אָבער מע דאַרף אים נאָך א"'. 2. אונטערשטרײַכן, אַרויסהייבן. “איך טײַטל אײַך אונטער אַז פֿריִער האָט ער געזאָגט גאַנץ אַנדערש“, רייד ־עניש.

.

אונטערטײַטשן — טרוו. טײַטש אונטער, ~געטײַטשט. פֿאַרטײַטשן, דערקלערן, אינטערפּרעטירן ניט אינגאַנצן זיכער. א, אַ פּסוק, אַן ענין ־עניש.

.

אונטערטייל — דער, ־ן. אונטערשטער טייל (פֿון אַ בנין, אַ קערפּער אאַזוו). דער א, פֿון הויז „די ווייטיקן זײַנען געוועזן

לאָקאַליזירט איבערן גאַנצן א, פֿון בויך", פֿגעז, ווילנע 4 1937, No. ,,צווישן דעם אייבערטייל און א, פֿון פֿינגער,,, ייִפֿאַ, 1938, No 3.

אונטערטיילונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערטיילן. ,,בין איך בהדרגה געקומען צום באַשלוס אַז מע דאַרף פּאָסטולירן אַן א, אינעווייניק אין בראשיתייִדיש אויו,,, מוו, ייִשפּ 4 ,XI.

אונטערטיילן — טרוו. טייל אונטער, ~ געטיילט. 1. טיילן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. ,,אַנשטאָט אויסצוטיילן די קליידער וואָס זײַנען געקומען פֿון אַמעריקע, טיילט מען זיי נאָר אונטער, און מע דאַרף ווידער קומען אַהער", רייד (קאָוונע, 1923). 2. טיילן בשתּיקה. "קיינער ווייסט ניט וויפֿל ער האָט שוין אונטערגעטיילט צדקה". 3. נאָכן אײַנסיילן אין גרעסערע חלקים — זיי צעטיילן אין קלענערע. אײַנטיילן אין דרײַ תּקופֿות און א, די לעצטע תּקופֿה אין צוויי צײַטאָפּשניטן. אײַנטיילן אַ ווערק אין צוויי ביכער און א, די ביכער אין קאַפּיטלען. ,,דעם שטח [פֿון מערבֿדיקן ייִדיש] וועלן מיר פּרוּוון א, אויף באַזונדערע איינסן", מוו, ייִשפּ XIII,

2־3. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערטײַען — טײַע אונטער, ~געטײַעט.
סל. אוטוו — 1. אַ ביסל אָדער בהדרגה צעגיין, צעשמעלצן. דאָס אײַז טײַעט שוין אונטער. 2. פֿיג. ביסלעכווײַז אַריבערגייו פֿון אַ שלעכטער שטימונג אין אַ גוטער. ,,ווען ער דערזעט די מיזינקע, טײַעט אים אונטער דאָס האַרץ,,. טרוו — מאַכן עס זאָל אַ ביסל צעגיין, צעשמאָלצן ווערן. ,,די פֿרילינגדיקע זון וועט באַלד א, די פֿאַרפֿרוירענע ערד,,.

-

אונטערטינוסן — [...טינעפֿן] טרוו. טינוף אונטער, ~געטינופֿט. גראָב. אײַנשמירן ערטערווײַז, אַ ביסל אָדער בשתיקה אין טינוף. א, דעם הויף, די שטוב. א, גלײַך בײַם אַרײַנגאַנג. א, דעם עסק, דעם קעגנערס נאַמען.
אונטעדטינטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~געטינטלט. פֿון צײַט צו צײַט שרייַבן עפּעס וואָס האָט ניט קיין ווערט אָדער שלעכט אונטערשרייַבן. א, שונד אין אָוונטבלאַט. אַזוי א, דעם אייגענעם נאָמען אַז קיינער זאָל ניט

קענען דורכלייענען.
אונטערטינקעווען — טרוו. ־קעווע אונטער, ~געטינקעוועט. אוקד. אונטערשמירן מיט טינק, וואַפּנע. א, דאָס הויז איף יום־טובֿ. א, די שפּאַלטן אין וואַנט.

אונטערטיפּ

אונטערטיפּ — דער, ־ן. אונטערטייל פֿון אַ גרעסערער גרופּע וואָס מע באַצייכנט טיפּ. „עס איז געווען דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִד — אַ בפֿירושער טיפּ. אָבער ליטווישע ייִדן זײַנען געווען אַ קלאָרער א', אַזוי איך פּוילישע...„, ימ, קוד, No ,1964 3.
אונטערטיצ(י)ען — טרוו. ־צ(י)ע אונטער, ~געטיצ(י)עט. סל. וורר, אוקר. אויך: ~ טיקען. 1. דזוו אונטערטיטשען ←. א, דאָס עסן אונטער דער נאָז. 2. זאָגן צײַטנווײַז דו. „אַ באַלעבעסל, אירצט מען אים שוין, אָבער אַמאָל טיציעט מען אים אויך אונטער“, רייד.
אונטערטיר — די, ־ן. אָפּט פּקפּ ־ל, ־עלע, ־(ע)ך. 1. טיר(ל) וואָס איז פֿון אונטן. אַן א, אין דעם טויער. „דער סטרוזש האָט

ניט געעפֿנט דעם טויער, און מע האָט דעם
פּאַק דורכגעשטופּט דורכן א'ל,,, רייד. ״אַ
לאָקשנבּרעט אויף אַ דייזשקע — פֿאַר אַ
טיש און אַן א, [אַראָפּגענומען פֿון די
זאַוועסעס]   פֿאַר אַ בּאַנק״, ייִל, דאָס
פּוילי---
שע יונגל, אַדעס 1895.
2. הינטערטיר, טיר וואָס פֿירט אין הויף.
קומען דורך דער א', מע זאָל ניט זען.
קומען דורך דער א, ווי אַ בּעטלער. ,,איך
האָבּ שוין געהאַט אַלעס צוגענומען..., איז
מען פּלוצלינג דאָרך אַן א, געקומען,,,
גנבֿיסליד [בּײַ אונז יודן, וואַרשע 1923]. ,,דאָס
אומפֿאַרשעמטע פּאָרל האָבּן אַ פֿלינקן ויבֿרח
געמאַכט דורך דעם א'ל פֿון גאָרטן,,, בּ.
זילבּערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו
1885. *גייו א ו י ף דער (אַן) א'(ל) =
גיין (טאָן) ניט דירעקט, אַרום און אַרום.
,,אפֿשר גייען זיי אויף אַן א'ל אין גיהנום
אַרײַן, זיי זאָלן מתקן זײַן די פּוילישע
דריפּקעס,,, קמ, 1867, No 16. ,,און דאַן הייבּט
[זי] אָן צו גיין אַהער...אויף דער א, [צו
רעדן אַ שידוך],,, בּערג יI, ,דרויבּ..
אונטערטלען — אוטוו. טליִע אונטער, ~

געטליִעט. טליִען אַ ביסל, ברענען קוים־קוים, גליִען פֿאַרן אויסלעשן זיך. די קוילן טליִען דערווײַל אונטער, באַלד וועלן זיי אויפֿהערן טליִען.

אונטערטליקען זיך — וואול. פֿון צײַט צו צײַט זיך טליקען, האָבן סעקסועלן פֿאַרקער.

אונטערטעלעבענדען, ־בענדזיען, ־בענצ(ע)ן — ← אונטערטאַלעבענדען. מיט ז י ך — אויך: נאָכשלעפּן זיך פֿון אונטן.

אונטערטעלעפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~געטעלעפּעט. □וקר. < אוק. קוים זיך באַוועגן, זיך שלעפּן. א, מיט צוויי געשוואָלענע פֿיס. *א, מיט דער צונג = רעדן מיט גרויס שוועריקייט. פּעיאָ.

אונטערטעלער — דער, ־ס & מצ ווי אצ. טאַץ. ל2.

אונטערטעמפּן — טרוו. טעמפּ אונטער, ~ געטעמפּט. מאַכן אַ ביסל טעמפּער; מאַכן טעמפּ פֿון אונטן. א, שפּיציקע עקן. א, די שפּיצן פֿון די שערלעך וואָס מע גיט די קינדער אין קינדערגאָרטן.

אונטערטענדלען — אוטוו. ־דל אונטער,
~געטענדלט. פֿאַרגעמען זיך מיט
צונויפֿקלײַבן אָדער צונויפֿקויפֿן אַלטע זאַכן ווי
מיט אַ זײַטיקער פּרנסה פֿון וואָס ער לעבט?
. ,,
אָך און וויי. פֿון שפּילן אין די הויפֿן, אַמאָל
פֿון א, און אַמאָל פֿון גיין איבער די
הײַזער,,, רייד.
אונטערטענהן — [...טײַנען] אוטוו. טענה
אונטער, ~געטענהט. 1. אַ ביסל אָדער פֿון
צײַט צו צײַט טענהן. ,,ער טענהט נאָך אונטער,
אָבער ער האָט זיך שוין גענומען צו דער
אַרבעט“, רייד. 2. אַרויסקומען מיט ניט־זיכערע
טענות. א, אַז ס'איז אַלץ געווען אַ טעות.
3. אונטערהעלפֿן מיט (בײַם) טענהן. ,,אַז
ער קרעכצט, קרעכצט זי אונטער; אַז זי
טענהט, טענהט ער אונטער,,, רייד.
אונטערטענטלען — טרוו. ־טל אונטער,
~געטענטלט. צײַטנווײַז אָדער פֿון אונטן
שלעכט אָנשרײַבן, אָנצייכענען. א, אַ פּאָר
ווערטער וואָס מע קען זיי ניט דורכלייענען.
א, שטריכעלעך און קײַקעלעך און זאָגן אַז
דאָס זײַנען בלומען.

Mhd : un(le ־ — אונטערטעניק — אַדי.
:)1 .taeni. וואָס איז אין מצבֿ פֿון אַן
אונטערטאַן .). „דער גיבור האָט מער
ניט געוואָלט, נאָד מע זאָל זײַן א, אונטער
אים„, נחב, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה,. „פֿיל
פֿעלקער זענען א, אים, פֿיל לענדער האָט ער
אײַנגענומען“, פֿרוג I. „קעמפֿן שכנים־
פֿעלקער א'ע“, אַל III, ,קאַמף אויף דרײַ פֿראָנטן'.
„ירושלים איז די הויפּטשטאָט, און אַלע שטעט
זענען...איר א'“, ספֿר tיח ספֿונים, שיר
השירים. אָפּט סובֿ = אונטערטאַן. „פּרעה
זאָל זיך אַנדערש ניט ווײַזן פֿאַר זײַנע א'ע
ווי נאָר אין זײַן דאָפּלטער קרוין“, אַש, משה.
2. וואָס וואַרפֿט זיך אונטער, איז
אונטערגעוואָרפֿן אונטער אַ מאַכט (גאָט, נאַטור).
„דר זיך...אונטר טעניג אונטר דיר, אונטר
דײַן געטליכן גינאָדן מאַכט“, לט1, יג/א.
„דאָס יאָך א, צו זײַן צו דעם געבאָט [פֿון]
יתברך שמו„, ר, משה בר, אליהו, מלאכי
קודש, וואַרשע 1839. “איז דען דער כהן
גדול אָדער נבֿיא...ניט א, דער נאַטור?“, פּ.
קדיטשעווסקי, יודען אונד יודענטהוס,
באַרדיטשעוו 1894. „ווי אַזוי מע זאָל זיך אויף אים

פֿאַרזעכערן און א, פֿאַר אים זײַן“, חה.
,,ווען די לײַט פֿון ציון...א, ווערן צו גאָט
און ווענן תּשובֿה סאָן,,, ישעיה, פּירוש
עבֿריטײַטש, לעמבערג 1877. ,,אַן אורמענטש וואָס
איז א, דער בײזער נאַטור,,, אַך, ,דער
שניישטורעם'.
3. וואָס איז מותּר אויפֿן אײגענעם ווילן
און בייגט זיך אונטער אַ צווייטנס דעה.
מ t פֿאַרטײַטשט ,מאנת לענות מפּני, (שמות,
י, 3): ,,צו זײַן אונטר סעניג“ [תי: ,,זיך
בייגן,,]. ,,בעסער זײַן אונטער קלוגע א,
איידער איבער נאַראָנים אַ קעניג“, שוו. ,,א,
און צעבראָכן איז דאָס יונגע ווײַבל“, מוק,
מײַנע באַגעגענישן. ,,איך ווער א', געדולדיק;
מיט ליפּן צוזאַמענגעדריקטע איך מורמל: בין
שולדיק,,, הל, 'בין שולדיק,. ,,ווער איז עס

אונטערטעניקייט

דער יעניק...ווען איך בין א',,, סוצ,
וואַלדיקס.
 4. פֿאָלגעוודיק, הכנעהדיק, געהאָרכיק. בֿt
פֿאַרטײַטשט ,משועבֿד, — ,,אוגטר טעניג,,..
,,מושׂטו צו אים טרעטן אונ, אים מיט גוטה,

ווייכה און אונטר טעניגה ריד איבר בעטן“, עיון, כו/א. „געגאַנגען מיט עניוות, א, און מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ„, לעאָן איבז, פֿײערבערג, וואוהין7 „איך בין דיין א'ער קנעכט“, ממוס, זמירות. „דאשׂ ביט איער אונטר טעניגשׂטר דינר„, יוסף מאַרשן, ,שיני אַרטליכי גישיכטין', אַמשט תּע„א [ייִבל XIII, 5־▯]. „פּאָעט, דו ביסט אַ קעניג! די גאַנצע וועלט — דיין לאַנד. און אַלץ איז א, צום צייכן פֿון דיין האַנט„, מל, 'דער פּאָעט'.

5. געפֿאַלן ביי זיך; סובאָרדינירט; רעזיגנירט. „[דער מענט▯] באַדאַרף זיין פֿאַר איטלעכן א, און נידעריק“, חה, ח„ב. „איך בין א, געוואָרן צוליב דעם וויסן אַז פֿון די קייטן...וועל איך סײַווי נישט אַנטלויפֿן„, וויַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. „מיט אַן א, שמייכל“, אַש, תּהילים־ייִד.

אָפּט מיט מ אַ כ ן. „און, ער מאַכט אונטר טעניג זיא [= ז▯]“, יוסיפֿון, אַמשט 1661, קלז/ב. „וואַרן דיא יהודים...שוואַך, זוא דז דיא בבֿליים אַליין גינוג ווארו אום זיא אונטר טעניג צו מאַכן„, חיזוק אמונה, אַמשט 1717. „דער שם שדי וואָס שטייט

אויף דער מזוזה מאַכט א, דעם משחית,,,
קה. ,,מלחמה געפֿירט מיט אדום און מיט די
כּנענים...און א, געמאַכט פֿאַר די בּני־כּוש“,
ייִש פֿון אונזער אוצר. ,,צו מאַכן אים א,

,
אונטער קדושה,,, נצ2, מא/ב.
אונטערטעניקונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערטעניקן. ,,מיט
אַ נידעריקן כּוח און מיט אַן א, פֿון גוף,,,
תּניא, 8▯2.
אונטערטעניקטע(ר) — דער, ־טע. וונ
־טע. ווער עס איז אונטערגעיאָכט,
אונטערגעוואָרפֿן, בּאַזיגט. פֿאַרשקלאַפֿטע(ר). בּאַזיגטער
און א, — וויי צו אים.
אונטערטעניקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
אונטערטעניק. הכנעה(דיקייט). פֿאָלגעוודיקייט,
געהאָרכיקייט. אָפּהענגיקייט,
אונטערגעוואָרפֿנקייט. ,,גהער...דיא אונטערטעניגקייט צו
די
פֿילהייט,,, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש איבּז,
אנרת בּעלי־חיים, הענא 1718. ,,בּלויא איז
פֿאַרבּ פֿון ענוה אונ, אונטר טעניקייט, איז
היפּש פֿאַר יונגי אונ אַלטי לײַט,,,

,

אַלכּסנדר עטהויזן, בּית י◌ראל ובֿית הבּחירה, אָמשט 1724. ,,אוך איז דשׂ פֿאַסטן איין גרושׂ אונטר טעניקייט פֿר השי״ת◌, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ,,דאַרף איטלעכער מענטש אויפֿבּרענגען אויף זיך א'...[בּיי◌] בּאַטראַכטן די גרויסקייט פֿון גאָט בּרוך הוא,,, אַהרן לעווין איבּז, מקורי מנהגיס, ווילנע 1873. ,,צו דעם וואָס האָט אים בּאַגיטיקט...וויזן זײַן א׳׳, חה. ,,וואויל דעם מענסשן וואָס בּאַהעפֿט זיך אין דער מידה פֿון ענווה און א',,, קת. ,,איך בּייג איַין

אונטערטע'ניקן

מײַן קאָפּ מיט הכנעה, מיט א',,, מר III. ,,געקוקט מיט א', כּמעט מיט אַ וויינענדיקייט אין פּנים,,, ווײַס I, 'איינער אַ מענטש,. ,,צוגעטראָגן די גמרא מיט דער א, פֿון אַ שמש״, ייִט, פּוילן III.
אונטערטע'ניקן — טרוו. ~טע'ניק, ~טע,־ניקט. מאַכן .M◌d: un◌er־taenigen

אונטערטעניק. באַזיגן. באַצווינגען, באַהערשן, פֿאַריאָכן, פֿאַרשקלאַפֿן. ,,זיא פֿינגן אַן צו אונטר טעניגן זיא,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661.
תּי פֿאַרטײַטשט 'שאון זרים תּכניע, (ישעיה, בה, 5): ,,דאָס גערויש פֿון פֿרעמדע אונטערטעניקסטו,,.. ,,און, מוז זײַן לײַב און, זײַן הערץ אונטר טעניגן,,, עח, סה/א. ,,א, די קליפּה,,, ,,א, דאָס האַרץ און דעם מוח“, תּניא. ,,וואָלט ער דאָך אין פֿלאַם דאָס לענדל אונטערטעניקט“, אַל III. ,,ווי אַ האַר האָסטו אונטערטעניקט צו זיך די יאָרן, ווי אַ ריטער אונטערטעניקט צו זיך זײַן פֿערד,,, הל, 'צו אָפּאַטאָשו'.
מיט ז י ו. ,,און דא ער זיך האָט אונטערטעניגט, דא האָט גאָט ווידר אבּ גיקערט פֿון אים זײַן גרים צאָרן,,, לט1, ל/ב. ,,צו קאָנען א, זיך צום ערשטן שפּראָץ פֿון שײַן,,, הל, טמז, 1959 ׳ו 3.
אונטערטעניקער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־ס. ווער עס אונטערטעניקט, באַהערשט עמעצן, וואַרפֿט אָן אויף עמעצן זײַן ווילן און מאַכט. די אַכזריות פֿון די פֿרעמדע א'ס. [ניט צונויפֿמישן מיט סובּ פֿון דעם אַדי אונטערטעניק. ,,ער גייט אין צאַם אַן א'“, אַל III,

'אליהו און אלישע'.]
אונטערטענצל — דאָס, ־עך. 1. נאָכשפּרינגעניש. כלומרשטער טאַנץ. אַ בריה אויף אַן א'. 2. ניט־כּשר געשעפֿטל; אומערלעכע פֿירונג אין (בײַ) אַ געשעפֿט. „מײַן שותּפֿס א'עך זײַנען מיר ניט געפֿעלן, בין איך זיך צעגאַנגען מיט אים", רייד.
אונטערטענצלען — אוטוו. ־צל אונטער, ~געטענצלט. אונטערשפּרינגען ווי בײַם טאַנצן; גיין, זיך באַוועגן אַזוי ווי בײַם טאַנצן. „ער טענצלט אונטער פֿון קעלט„, נאָד. „איז מלא גדולה און טענצלט אונטער מיט זײַנע ברודיקע פֿיס„, בערג, בײַם דניעפּער I. „ער האָט געהאַט אַ טבֿע אונטערצוטענצלען און פּאַטשן אַ האַנט אין אַ האַנט ווי שׂמחת־תּורה צו הקפֿות„, חג, טמז, 24 ◻ 1964 II.
אונטערטעסען — טרוו. ־סע אונטער, ~ געטעסעט. אונטערשניצן, אונטערהאַקן מיט שאַרפֿן אינסטרומענט. א אַ פֿלאָקן.

,

אונטערטעפּל — דאַס, ־עך. קינדערשפּיל פֿון דעם ווי מע קאָכט אין אַ טעפּל. שפּילן אין א'עך.
אונטערטעפּן — טרוו. ־פּע אונטער, ~

געטעפּעט. אַרויסצי̇ען פּ̄עדעם פ̄ון שטאָף אע
בהדרגה. א, די פ̄עדעם פ̄ון אַ מלבוש.
אונטערטעצל — דאָס, ־עך. שאָל, טעצל,
אונטערצושטעלן אונטער אַ גלאָז, סעפּעלע
אע. ל.

738

אונטערטעקסט — דער, ־ן. 1. טעקסט
וואָס קומט פ̄ון אונטן. לשון־קודשדיקער,
יי̇דישער אאַ א'. „אין רוסישן א, פ̄ון שער
איז אָנגעגעבן...„ הרבֿ חיים ליבערמאַן, יי̇שפּ
2 .1 ,XI. פ̄יג. דאָס וואָס מע קען
אַרויסדרינגען פ̄ון טעקסט. „די א'ן, די בילדערישע
סאָציאַלע אָנדײַטונגען,„ דאָברושין, ד.
בערגעלסאָן. 3. (אַקטיאָריש) אָנווײַזונג(ען) ווי
דער אַקטיאָר זאָל אַרויסברענגען די 'פּראָזע,
און בכלל וואָס ער זאָל אַרויסהייבן. „הערט
זיך קלאָר אין...א, [פ̄ון דער דראַמע] די
קעמפ̄ערישע שטעלונג...„ י. שטערנבערג, סאָוו,
היימלאַנד, 1964 6, No.
אונטערטערכען — טרוו. ־כע אונטער, ~
געטערכעט. 1. אונטערפּאַטשקען.
אונטערטענטלען. 2. פ̄ון צײַט צו צײַט מאַכן אַ שלעכטע

אָרבּעט. א אַ שטיקל אַרבּעט, ווי אָן הענט

,

געמאַכט. ־עניש.

טער, ~ט(ע)ר ליּיקען

— ײַקע ע

אונייִקעט. פּפֿ. ־ .

אונאונטערט(ע)ר רוו. ־

.

טערזינגען אויף אַ צעצויגענעם אופֿן אָדער מיט אַ ציטערדיקער שטים. אונטערזינגען אָן ווערטער. א, אַ זמרל.

אונטערטערפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~געטערפּעט. פּפֿ: ~־ציערפּען. סל. וורר, אוקר. אונטערלײַדן. א, הונגער. א, פֿון אַ שלעכטן בעל־הבית.

או'נטערטערציאַ'ל — אַדי & דער. < איי < ל. (וואָס האָט אַ שײַכות צו דעם פּעריאָד אין דער טערציאַלער ערע פֿוו דער געאָלאָגישער צײַט־טאַבּעלע. דזוו די עאָצענישע צײַט. א'ע פֿורעמונגען.

אונטערטראָגן — טרוו. סראָג אונטער, ~

געטראָגן. 1. טראָגן אַ ביסל, אויף אַ קורצן שטח. א, די וואַליזקע ביזן ראָג פֿון דער גאַס. „העלפֿן די טאָרבע א'“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. „איך וועל אָנלייגן אַ ביסל וועג...איך וועל דיר א, אַ ביסל דײַן קײַשל“, מ. טאַמאַראָוו, אַ געשפּרעך פֿון צוויי ווײַבער..., מאָזיר 1913. 2. צוטראָגן, דערלאַנגען אַ גרינגע זאַך. א, דאָס פּוסבענקעלע. „אײַך וואָלט איך אַליין א, אַ שטול“, ש. וואָלצאָנאָק, דער קיידאַנער עלוי, ווילנע 1913. „טראָגט אונטער אַ פּעקל שוועבעלעך“, ממוס, ווינטשפֿ. *א, פֿײַער = צו פֿאַררייכערן.
3. דערלאַנגען פֿון אונטן אַרויף. א, עפּעס פֿון קעלער. “אונטערגעטראָגן די תּנאָים פֿון קעשענע אַרויס„, ווײַם I. „עס קומען זאַנגען ווייץ און קאָרן...און טראָגן אים אונטער זיסע פֿעלד־ריחות„, ממוס, שלמה.
4. צוברענגען, באַדינען. „דאָס ווײַב זײַנס טראָגט זיי אונטער גלעזער טיי און באַדינט זיי“, ממוס, שלמה. „די קינדער האָבן אים אונטערגעטראָגן אַ גלעזל מילך“, שע, טביה. „זי [האָט] אין קויש אויסגעקליבן די שענסטע עפּל און אונדז אונטערגעטראָגן: נעמט, גוטע עפּל„, אפֿא, טמז, 28 1964 IX. *איך וועל

דיר א'! = איר, ווען עמעצער בעט עפּעס און מע וויל עס אים ניט געבן. — „דיר געבן געלט?! מעגסט וואַרטן, אָט באַלד וועל איך עס דיר א'!„, רייד. גראָב. „פּראַדל:

אונטערטראָגן

(טראָגט אים אונטער אַ פֿײַג אונטער דעם נאָז) נאַ! אָט דאָס גיב איך דיר!„, ש. בעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1884.
5. דערלאַנגען, צובּרענגען אויף אַ ספּעציעלן אופֿן: מיט דרך־ארץ, מיט אונטערטעניקייט, מיט חניפֿה אאַ. א, אַ מתּנת. א, בלומען, אַפּלאָדיסמענטן, לויבווערטער אע. איר. *א, אויף אַ טאַץ. „וואָס ווילסטו? מע זאָל עס דיר א, אויף אַ טאַץ. דאַרפֿסט עס אַליין דערגרייכן„, רייד. „ייִדן פֿלעגן א, ברויט מיט זאַלץ צו מאָנאַרכן“, סאַנדלער, טמז, 21 II 1964. „מע האָט אונטערגעטראָגן דעם חתן די 200 רובל נדן און ס'איז געווען וואויל און פֿײַן„, פֿאָר, 22 1964 III. „אַ מיליאָן דאָלאַר איז דעם קאָמיטעט אונטערגעטראָגן געוואָרן אַ ירושה„, סמז, 1965 7 III. „אַז זי האָט דערזען ווי [ער] טראָגט

איר אונטער געלט, האָט זיך ס'פּנים בײַ איר
גלײַך געביטן,,, אָפּאַ, היברו. ,,טראָגסט אים
אונטער אַ שפּאָגל־נײַע זשאַרגאָנישע
פּרעזשעניצע, וואַרפֿט ער זיך: עט, בלאָטע
שבּבלאָטע,,, ממוס, שטורעמצײַט. *א, אַ פּענדל
= אָפּטאָן אַ שפּיצל, אונטערשטעלן אַ פֿיסל,
פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש, צרות. [ייִפֿאַ, 1938,

No ▯]. *א, דעם לאָמפּ = (אַקטיאָריש)
חנפֿענען, לויבן אויף אַ גוזמאדיקן אופֿן. *א,
דעם שיינעם גוט־מאָרגן (גוט יום־טובֿ אאַזוו)
= דער ערשטער באַגריסן גאָר פֿרײַנדלעך,
מיט דרך־ארץ אָדער חניפֿה.

6. איבערגעבן, לאָזן וויסן, אויסדריקן.
,,דאָס גאַנצע אומגליק וואָס די טאָכטער גייט
אים דאָ א'...,,, דעמבלין, צוויי און אַ
דריטער. ,,וואָס ער האָט פֿון תּנך אַרויסגעטראָגן
— דאָס האָט ער אונדז אונטערגעטראָגן“,
שנ, וועגן יודישע שרײַבער II. ,,די רביצין
האָט גלײַך אונטערגעטראָגן אַ באַגײַסטערטע
מיינונג וועגן דער כלה,,, הרבֿ העפֿטערמאַן,
פֿאָר, 1964 III ▯ 16. *א, אַן עצה = געבן
אַן עצה אויף ניט־געבעטענערהייט. *א, די
דעה (אויף אַ טעלער) = איבערגעבן די
דעה, די אָנפֿירונג. ,,זיי האָבן געוואַרט, מע

זאָל זיי א, די ברייטע דעה אויף אַ
טעלערל“, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
7. איבערגעבן אָדער לאָזן וויסן בשתּיקה.
א אַ רכילותל, אַ פּליאָטקעלע. „עס איז די
,
נאַטור פֿון מענטשן אונטערצוטראָגן דאָס וואָס
אַנדערע רעדן„, טמז, 3 1964 ▯I. „א אַן
,
עבֿירהלע און ניט אָפּטרעטן ביז דאָס
עבֿירהלע וועט אויסגעפֿירט ווערן בשלימות„, מ.
דלוזשנאָווסקי, פּאָר, 6 l963 XII. *א, אַ
פֿײַער = אויפֿהעצן אַ קריגערײַ. *דער רוח
(ניט־גוטער, טײַוול) טראָגט אונטער = עפּעס
ניט קיין גינציקע סיבה אָדער אַ צופֿאַל
ברענגט, דערפֿירט דערצו. „טראָגט אים
אונטער דער רוח אַ סמאָרע צו טאָן מיט דער
נאָז און זאָגן: עס שמעקט דאָ שטאַרק מיט
קנאָבל [= דאָ זײַנען פֿאַראַן צו פֿיל ייִדן]“,
ממוס, ,אַ גרויע האָר,.
8. אונטערמסרן. צוטראָגן אָדער אָפּטראָגו
עפּעס, וואָס קען ברענגען שאָדן. א, דעם
באַלעבאָס אויף די אַרבעטער. א, דעם
לעדער אויף די חבֿרים.

9. אונטערזאָגן. א, דעם ריכטיקן ענטפֿער.
*ס'האַרץ טראָגט אונטער = מע דערפֿילט
אינטואיטיוו. „אין האַרצן פֿלעגט זיך אים
פֿאַרגנבֿענען אַ געדאַנק, וואָס האָט אים
אונטערגעטראָגן אַ פֿאַרגלײַך", מ. דלוזשנאָווסקי,
פֿאַש, 2 1953 I.

10. דריטפּערזאָניק. אויפֿרעגן; שטאַרק
באַאומרואיקן. אַרײַנבֿרענגען אין כּעס. „עס האָט
אים עפּעס אונטערגעטראָגן פֿונעם בענקל,
ניט געקענט אײַנזיצן אויף זײַן אָרט", ממום,
ווינטשפּ. „עס טראָגט זיי אונטער דאָס
מינדסטע פּיצל עוולה", ממום, קליאָטשע.
"קען מיך קיין זאַו ניט אַזוי א, ווי אַז איך
הער זאָגן...", קמ, 43 1870, No. „די דרײַ
מיליאָן...האָבן אונדזער [העלד], ווי מע זאָגט,
אונטערגעטראָגן", שע, 'פֿריילעכע קאָמפּאַניע'.
„אַז מע האָט מיטאַמאָל געוואָרפֿן דעם פּרײַז,
האָט עס דעם עולם אונטערגעטראָגן", פּרץ,
'וועבער־ליבע'.

11. צוגעבן מוט. אויפֿמונטערו,
אונטערמונטערן. „די האָפֿענונג ווידער מענטשן פֿאַר
זיך צו זען האָט זיי אונטערגעטראָגן"

ראָבינזאָהן II, ווילנע 1880.
־עכץ. ־עניש. ־ער — ,,און די
דײַטשן האָבן שוין פֿאַרזייט אַלע געסלעך מיט
זייערע א',,, שטריגלער, אינדזלען אויף דעך
ערד. ,,עס פֿעלן נישט אויף דער וועלט קיין
אינפֿאָרמאַטאָרן, קיין א'ס, קיין קאַליע־
מאַכערס,,, פֿאָך, 7 III 1961.
אונטערטראַט(ע)וועון — טרוו. ־(ע)ווע
אונטער, ~געטראַט(ע)וועט. אונטערבינדן מיט
דראָט, מיט פֿעסטע שטריק. א, פּליטן.
אונטערטראַטעוועון — טרוו. ־ווע אונטער,
~געטראַטעוועט. אויסטרעטן אַ וועג בהדרגה.
א אַ וועג אין פֿרישן שניי.

אונטערטראַכקען — ־קע אונטער, ~
געטראַכקעט. אַטוו — מאַכן צײַטנווײַז אָדער
צו ביסלעך אַ טומל, קלאַפּן אע. א, אויף
אַ פּויק. האַרמאַטן טראַכקען אונטער. טרוו —
אַראָפּקלאַפּן, אַראָפּשלאָגן. א, עפּל פֿון בוים.
אונטערטראַלאַלײַקען — דזוו אונטערט(ע)־
רעלייקען ←.
אונטערטראָמבען — ־בע אונטער, ~
געטראָמבעט. טרוו — 1. בלאָזן אַ ביסל אָדער
פֿון צײַט צו צײַט אויף אַ טראָמבע. א אַ

מאַרש. 2. (סוחריש) אָנזעצן. „ער האָט אים אונטערגעטראָמבעט אַ שיינע פּאָר טויזנט רובל“, רייד. אוטוו — 1. עטעמען מיט אַ פּיפּעריי. א, מיט דער נאָניע. 2. זײַן אַ טראָמבעניק פֿון צײַט צו צײַט. א, און שנאָרן, טרינקען אויף יענעמס חשבון.

אתטערטראַנזשירן — טרוו. ־זשיר אונטער, ~טראַנזשירט. סאָוו. איבערפֿירן; אין ניוועץ ברענגען פּאַרטאַכלעוען. א, מלוכה־פּאַרמעגן.

אונטערטראַסקען — טרוו & אוטוו. ־קע אונטער, ~געטראַסקעט. 1. דזוו אונטערטראַכקען. א, מיט דער בײַטש. 2. אונטערקלאַפּן, אונטערשלאָגן מיט אַ טראַסק. א, די זײַטן. 3. גראָב. דערלאַנגען, אונטערטראָגן. זאָגן עפּעס מיט אַ טראַסק. א, דעם יונישן מי־שברך. א, אַ נײַעם באַפֿעל. „ווילסט

איך זאָל עס דיר דערלאַנגען? אָט באַלד, וואַרט אַ ווײַלע, וועל איך עס דיר א'!„ רייד.
4. וואוילינגעריש. צוגנבֿענען. ־עניש.

־ערײַ.

אונטערטראַצען — טרוו. ־צע אונטער, ~געטראַצעט. פּפּ: ~טראַטיען. סל. וורר. אויסגעבן אַ ביסל מער ווי מע האָט באַדאַרפֿט. א, געלט דאָרטן וואו מע קען אײַנשפּאָרן.

אונטערטרובען — אוטוו & טרוו. ־בע אונטער, ~געטרובעט. 1. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט (אויס)שפּילן אויף אַ טרובע. א, סתּם אַזוי. א, ווען דער אָרקעסטער שפּילט. א אַ מאַרש. 2. במקום־ווערב פֿאַר צו

,

הילכיקן אַרויסזאָגן, אויסדערציילן אע. א, ליגנס. א, רכילות.

אונטערטרוימען — אַקוזוו. טרוים אונטער, ~געטרוימט. טרוימען פֿאַנטאַזירן אַ ביסל

,

אָדער צײַטנווײַז. א, וועגן אַ שיין לעבן. א, דעם חלום וועגן גליקלעכע צײַטן.

אונטערטרויערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~געטרויערט. טרויערן אַ ביסל אָדער צײַטנווײַז. א, אויף אַן אומגליק. א, נאָכן מאַן.

אונטערטרומייטערן — אוטוו & טרוו. ־ער אונטער, ~טרומייטערט. 1. אַ ביסל,

פֿון צײַט צו צײַט צו (אויס)שפּילן אויף אַ
טרומייט. 2. דזוו אונטערטרובען, בּ2.
אונטערטר▯אַסיש — אַדי. < איי < גר.
וואָס האָט אַ שײַכות צו (איז פֿון) דעם
עלטסטן פּעריאָד פֿון דער טריִאַסישער ערע
פֿון דער געאָלאָגישער צײַט־טאַבעלע (צווישן
דער יוראַשער און פּערמישער תּקופֿה).
אונטערטרײַבן — טרוו. טרײַב אונטער,
~געטריבן. 1. טרײַבן אַ ביסל אָדער פֿון
צײַט צו צײַט. איבערגעבן די לייצעס דעם
ייִנגל, זאָל ער אויך הנאה האָבן פֿון א,
די פֿערד. 2. אונטערהעלפֿן בײַם טרײַבן.
"דער אַלטער פּאַסטעך טרײַבט די טשערעדע
און זײַן אייניקל טרײַבט אויך אונטער,,, רייד.
3. אונטעריאָגן; מאַכן מע זאָל גיין, לויפֿן,
זיך באַוועגן מיט מער אימפּעט, גיכער. ,,זיי
אַרבעטן און איך טרײַב זיי אונטער. פֿוילט

.

זיך ניט, ייִדן, אַרבעט, אַרבעט, דער טאָג
שטייט ניט", ממוס, שטורעמצײַט. ,,[דאָס
לויפֿן] איז...גוט פֿאַר דעם גוף, דאָס בלוט
זאָל אַ ביסל א, די אָרגאַנען", וו. און ס,,
די מע▯ה פֿון דעס שטיקעלע ברויט,
זשיטאָמיר 1869. ,,דער שניטער איז גדלותדיק

געזעסן אויפֿן אײַזערנעם זיץ און מיט האַרץ
אונטערגעטריבּן די פֿערד“, ע. איזראָ פֿון
,
פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928. „די האַרן זיצן
דערבּײַ און טרײַבּן אונטער די מענטשנפֿערד:
גיכער, גיכער! צײַט איז געלט!„, בּאַש, פֿאָר,
.24 י I 19

4. אונטעראײַלן מע זאָל עפּעס ט אָ
גיכער. א, דעם פֿוילִיאַק. „מע טרײַבּט אים
אונטער, ער זאָל דערציילן די גאַנצע מעשׂה
אין איין שמע־ישׂראל“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
„אויף מאָרגן האָט [ער] אָנגעהויבּן א,
יאָסעלען אין וועג אַרײַן„, שע, יאָ עלע סאָלאָוויי.
„נו, נו — טרײַבּט איר אונטער דער

בּרואונטערטרינקען

דער„, יר, גש I. „.— וואָס טוט דער אָדלער
[פֿון דער מטבּע] מיטן שטעקן פֿון אונטן?
— ער טרײַבּט זי אונטער, זי זאָל גיכער
אַוועקגיין„, דלונאַטש, וועלט־מסורה, וואַרשע
.1881
5. צוגעבּן חשק עפּעס צו טאָן מיט מער

אימפּעט. א, מיט גוטע ריידעלעך אַלץ
אויפֿצועסן. ,,אַז משהלע זײַן חבֿר איז געווען
לעבֿן אים, פֿלעגט ער אים א,, אונטערגעבֿן
חשק צום לערנען מיט אַלע כּלים", ממוס,
ווינטשפֿ. ,,ווײַבער טרײַבן אונטער דעם מאַן
צו זוכן פּרנסה,,, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'.
,,אונטערגעטריבֿן ווערן פֿון טענדענצן,,, בּ.
ריווקין, גרונטטענדענצן....

6. זיך פֿאַרנעמען בּשתּיקה מיט מאַכן אַן
אַלקאָהאָלישן געטראַנק. א, בּראַנפֿן, סאַמאָהאָן.

־עכ□ן. ־עניש. ־ערײַ.

אונטערטרײַבער — דער. ־ס. ווג ־ין, ־קע,
־ס. 1. ווער עס טרײַבט אונטער. ,,וואָס
בּיסטו אַן א'קע אויף מײַן קאָפּ!", דייד.
פֿײַנט האָבן דעם א'. 2. דאָס וואָס העלפֿט
פֿונקציאָנירן גיכער. ,,[די טײַראָאיד־דרי□] איז
אויך אַן א, פֿון האַרץ", דר, ע. פּאַט, טמז,
3 .29 X 1964. ספּעצ. געהילף, יונג בײַ
אַ בּעל־עגלה. אונטערשמײַסער.

אונטערטרײַבעריש — אַדי. וואָס איז פֿון
(ווי בײַ אַן) אונטערטרײַבער. א'ע שטיק פֿון
דעם אויפֿזעער. ־קייט.

אונטערטרייבערן — טרוו ־ער אונטעו,
~געטרייבערט. 1. צו בּיסלעך, פֿון צײַט

צו צײַט טרײַבערן. העלפֿן בײַם טרײַבערן.
א, דעם זאָדיק אין שעכטהויז. 2.
במקומווערב פֿאַר אונטערמאַטערן, אונטערפּײַניקן,
שלאָגן אע; אַרויסקריגן עפּעס מיט
סטראַשונקעס, בגוואַלד. א, בײַ (פֿון) עמעצן די
אָדערן.
אונטערטרײַסטן — טרוו. ־סט אונטער,
~געטרײסט. טרײסטן צו ביסלעך, צײַטנווײַז.
א, עמעצן בײַ אַן אומגליק, ניט לאָזן אים
זיך איבערנעמען.
אונטערטרײסלען — טרוו. ־סל אונטער,
~געטרײסלט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט
טרײסלען, שאָקלען. א, די צווײַגן פֿון
עפּלבוים. „לאָז אים אויך א, דעם לולבֿ", רײד.
אומפּ, אוטוו — „ווען [אין וואַגאָן] וואָלט
ניט אַ ביסל אונטערגעטרײסלט, וואָלטן מיר
גאָרניט וויסן אַז מיר פֿאָרן", י„ז בן־אַריה,
אָ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.
מיט ז י ך — אוטוו. אונטערהייבן זיך,
אונטערהעצקען זיך. אונטערציטערן. די (
מענטשן אין) בויד (האָבן) האָט זיך
אונטערגעטרײסלט. א, זיך פֿון קעלט. ־עניש.
אונטערטריל(ער)ן — ← אונטערטרעלן.
אונטערטרינקען — טרוו. ־ינק אונטער,

~געטרונקען. 1. טרינקען, שיכּורן צו
ביסלעך, צײַטנווײַז אָדער בשתּיקה. א, אין שענק,
היימישע זאָלן ניט זען. א, סאַמאָהאָן און
קריגן אַ לונגענפֿעלער. מיט ז י ך — ווערן
שיכּורלעך, בגילופֿין. „ווי זיי האָבן זיך גוט
אונטערגעטרונקען, זאָגט איינער דעם אַנדערן
— זאָג מיר דעם אמת פֿרײַנד טײַערער —
,

אונטערטריפֿן

האָסט מיך ליב?„, ספֿר שבֿחי רמ"ל,
לעמבערג [יאָר?]. „אַז הערש דער לאַנגער האָט
זיך אַ ביסל אונטערגעטרונקען, האָט מען
אים אונטערגעפֿירט, ער זאָל זינגען עפּעס",
ח. י. פּערל, פֿאַרלאָשענע ליכט אין
מאַרמאָרעש, תּ"א תּשי„ח. 2. דערטרינקען,
דערטרענקען. א, די קעצעלעך.

אונטערטריסן — אוטוו & טרוו. טריף
אונטער, ~געטריפֿט. 1. (מאַכן עס זאָל)

טריפֿן, רינען טראָפּנווײַז, צו ביסלעך   פֿון די
,, .
יאָרצײַט־ליכט טריפֿט אונטער שטיל דער
וואַקס“. א, טראָפּנס אין נאָז, אין אויג אע.
2. (מאַכן עס זאָל) טריפֿן, רינען טראָפּנווײַז
פֿון אויבן. עס טריפֿט אונטער פֿון דאַר.
פֿון באַלקן טריפֿט אונטער נאָך אַ גרויסן
רעגן. ,,זי קען א, טרערן, ווען זי וויל
נאָר“, רייד. 3. בשתיקה אַרײַנטריפֿן. א,
סם אין בעכער. א, טראָפּנס פֿון האַס.
־עניש.

אונטערטריקענען — טרוו. ־קן אונטער,
~געטריקנט. מאַכן אַ ביסל טרוקן. א,
ס'געהילץ. די זון האָט אונטערגעטריקנט די
בלאָטע.

אונטערטרישטשען — ←
אונטערטרעשטשען.

טראָטן (אויך: ~געטרעטן). 1. טרעטן אַ
אונטערטרעטן — טרוו. ־עט אונטער, ~

געביסל, פֿון צײַט צו צײַט. א, ליים, די
בלאָטע. 2. טרעטן אויף אַראָפּ. אונטערטרעטן
(ביז צו) דעם נידעריקסטן שטאַפּל. 3.

באַליידיקן אָדער דערדריקן. א, עמעצן מיט די
פּיס. „דען גאָט ווערט אירה קריג קריגן,
און, ווערט אירה אונטר טרעטיר...אונטר
טרעסין,„ משלי בלשון אַשכּנז, פּפּדמ 1713.
4. אוטוו. צוטרעטן, דערנעענטערן זיך. דער
שׂונא וועט א, צו דער שטאָט. ־עניש.
אונטערטרעטער — דער, ־ס. אויך: זאַק
(אָדער יעדער אַנדער מין טרעטער) פֿאַר דער
טיר, אָפּצורייַבן די זוילן און די קנאַפּל פֿון
בלאָטע פֿאַרן אַרײַנגיין. „איי, זעסט ניט דעם
א, פֿאַרן גאַניק? ברענג ניט אַרײַן קיין
בלאָטע אין שטוב,„ רייד.
אונטערטרעלן — טרוו. ־על אונטער, ~
געטרעלט. אונטערזינגען ווי אַ פֿייגעלע, מיט
וויבראַציעס. א אַ ניגונדל, אַ ניגעלע. אויך

,

מיט ז י ך.
אונטערטרענען — טרוו. ־ען אונטער, ~
געטרענט. ▯ טרענען, רײַסן אויף דער ליניע
פֿון נאָט — אַ ביסל, טיילווײַז אָדער פֿון
אונטן. א, די פֿאַלבאַנע, דעם אײַנבייג אע.
2. אָפּרײַסן. אָפּטרענען. א, די קעשענע. א,
דאָס לײַוונטל מיטן נאָמען פֿון דער פֿירמע.

3. גראָב. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס מיט גוואַלד, אויף ס'כּוח. א, יענעם די מאָרדע. א, און צעבלוטיקן. 4. גראָב. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס בשתּיקה, אָפּנאַרן, באַגנבֿענען אע. א, אַ פּאָר רובל. 5. וואול. צײַטנווײַז האָבן געשלעכטלעכן פֿאַרקער (נאָר ווענן אַ מאַן).

־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

74()

אונטערטרענען זיך — ← דפֿוו. 1. אוטוו. פֿון זיך זיך טיילווײַז אָפּרײַסן. „דער צוגענייטער אָפּלייג האָט זיך אונטערגעטרענט“.
2. קזוו. דזוו דפֿוו, בּ4 (הן ווענן אַ מאַן הן ווענן אַ פֿרוי).

אונטערטרענקען — טרוו. טרענק אונטער, ~געטרענקט. דזוו אונטערטרינקען, בּ2.

אונטערטרעסען — טרוו. ־סע אונטער, ~ געטרעסעט. סל. וורר, אוקר, מג. טרייסלען פֿון אונטן. אָפּטרייסלען צו בּיסלעך. אונטערטרייסלען. א, עפּל פֿון בוים.

אונטערטרעפּ(ק)ען — טרוו. טרעפּ(ק)ע אונטער, ~געטרעפּ(ק)עט. סל. וורר. אוקר.

פֿאַרבּרודיקן אָדער אָפּניצן, צערײַסן אַ מלבּוש בײַם טראָגן. אָנטאָן אַ נײַע קאַפּאָטע און זי גלײַך א, אין בלאָטע. „טו אויס דאָס קליידל, ווערסט עס א'„, רייד.

אונטערטרעסן — טרעף אונטער, ~ געטראָפֿן. טרוו פֿון צײַט צו צײַט טרעפֿן.

צופֿעליק געבן אַ ריכטיקן באַשייד. א, דעם ענטפֿער. א, וואָס יענער מיינט. אוטוו, אומפּ — עס געשעט, קומט פֿאָר זעלטן אָדער פֿון צײַט צו צײַט. „עס טרעפֿט אונטער אַז אויך אַ בלינדע הון זאָל געפֿינען אַ זערנעלע (אַ קערנדל)„. ־עניש.

אונטערטרעפֿן זיך — ← דפֿוו. 1. אוטוו — דזוו אונטערטרעפֿן, אוטוו. 2. קזוו — זיך טרעפֿן בשתּיקה.

אונטערטרעשטשען — אוטוו. ־שטשע אונטער, ~געטרעשטשעט. פּפֿ: ~ טרישטשען. פֿון צײַט צו צײַט טרעשטשען, אַ קנאַק טאָן. אונטערציטערן און דערבײַ אַרויסגעבן אַ קלאַנג, ענלעך צו טר־טר אָדער טרש.

די צוויײַגעלעך טרעשטשען אונטער פֿון פֿראָסט.
אונטערטשאָבען — טרוו. ־בע אונטער,
~געטשאָבעט פּפֿ: ~שטשאָבען.
צײַטנווײַז צוניפֿנייען עפּעס ווי ניט איז. שלעכט
אונטערנייען. א, אַ גוואַלדריס, אַ לאַטע וואָס
האַלט בײַט אַרויספֿאַלן.
אונטערטשאַדען — טרוו. ־דע אונטער,
~געטשאַדעט. 1. פֿאַרטשאַדען, פֿאַרסמען
(פֿאַרטרײַבן) אַ ביסל מיט רויך. א, די בינען.
2 פֿאַרדרייען פֿאַרפֿירן מיט ליגנס,
באַרי. ,
מערײַען. א, דעם קאָפּ מיט שקרים און
ניט־געשטויגנס. א, אַ מיידל מיט ווילדע
באַרימערײַען. 3. גראָב. אונטערשטינקען.
אונטערטשאַטעווען — טרוו. ־טעווע
אונטער, ~געטשאַטעוועט. בשתיקה נאָכשפּירן,
נאָכקוקן עמעצן פֿון אַ באַהעלטעניש. א אַ

,
פֿאַררעטער, די גנבים אע.
אונטערטשאַכנען — אוטוו. ־נע אונטער,
~געטשאַכנעט. סל. וורר, אוקר. בהדרגה
דאַרן, טריקענען, וועלקן. א, פֿון עגמת־נפֿש.
אונטערטשאַמקען — ־קע אונטער, ~
געטשאַמקעט. אוטוו — באַוועגן מיט די ליפּן

פֿון אַן אָנצײַנערדיק מויל און דערבײַ
צײַטנווײַז אַרויסגעבן קלאַנגען, ענלעכע צו
טשאַמטשאַם. א, בײַם רעדן. טרוו — צײַטנווײַז
אָדער צו ביסלעך קײַען (ווי) מיט אַן

אָנאונטערטשערפּען

צײַנערדיק מויל. א, אײַנגעווייקטע
סקאָרינקעס. ־עניש.
אונטערטשאָפּקען זיך — אוטוו. ־קע זיך
אונטער, זיך ~געטשאָפּקעט. סל. וורר.
צײַטנווײַז פֿליעסקען זיך, באָדן זיך שפּילנדיק.
אונטערטשאַקען — טרוו. ־קע אונטער,
~געטשאַקעט. וורר, אוקר. 1. (איר בײַטעם)
טאָן עפּעס מיט אונטערגעשטראָכענער
פֿינקטלעכקייט און בריהשקייט. דער סאָלדאַט האָט
אונטערגעטשאַקעט דעם ראַמאָרט מיט אַ קנאַק.
2. אונטערליגנערן. א, אַז אַ קו איז
געפֿלויגן איבערן דאַך.
אונטערטשובען זיך — קזוו. ־בע זיך
אונטער, זיך ~געטשובעט. אוקר, וורר. זיך
אַרומקריגן, זיך אַרומרײַסן, זיך אַרומשלאָגן
צײַטנווײַז אָדער אין דער שטיל. א, זיך ווי
די הענער.

אונטערטשוואַניען זיך — אוטוו. ־ניע זיך אונטער, זיך ~געטשוואַניעט. סל. סאָוו. (צײַטנוווײַז) מאַכן זיך וויכטיק, זיך אַרויסשטעלן, אויפֿפֿירן זיך מיט גאווה. א, זיך, זיך אַרויסשטעלן פֿאַר אַ קנאַקער.

אונטערטשוועקע(ווע)ן — טרוו. ־ע(ווע) אונטער, ~געטשוועקע(ווע)ט. (שוסטערײַ) פֿון אונטן באַשלאָגן מיט טשוועקעס. א, אַ פּאָר שיך.

אתטערטשוכען זיך — אוטוו. ־כע זיך אונטער, זיך ~געטשוכעט. אוקר, וורר. 1. אַ ביסל קומען צו זיך; ביסלעכווײַז זיך אויפֿוועקן פֿון שלאָף, זיך אויסניכטערן בהדרגה. א, זיך פֿון שלאָף, פֿון שיכּרות. 2. פֿון צײַט צו צײַט זיך קראַצן. א, זיו מיטן רוקן אין פּלויט. ־עניש.

אונטערטשינאָווניק — דער, ־עס. סל. קליינער באַאַמטער, געהילף פֿון אַ טשינאָווניק. „אַן א, האָט באַליידיקט זײַן אויבערצינאָווניק“, אמד, מיכאל ברינדזע, ווילנע 1876.

אונטערטשיסטען — טרוו. ־טע אונטער, ~געטשיסטעט. רוסיצ. אונטערשײַערן.

אונטעררייניקן. א, די מעשענע קנעפּ פֿון מונדיר.

אונטערטשמאָקען — טרוו. ־קע אונטער, ~געטשמאָקעט. 1. אַ ביסל אָדער צײַטנווײַז זייגן און אַרויסגעבן דערבײַ אַ (הילכיקן) קלאַנג. א, אַ צוקערל, אַ ביין. 2. אומאיידל. קושן אויף אַ מגושמדיקן אופֿן. א, אַ מיידל.

אונטערטשמעליען — טרוו. ־ליע אונטער, ~געטשמעליעט. מג. אונטערשלאָגן, אונטערקלאַפּן. א, די לונגען. *א, אַ פֿוס = אײַנדריקן, צעדריקן אַ פֿוס.

אונטערטשעסליען — ← אונטערטעסען.

אונטערטשעפּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~ געטשעפּעט. סל. 1. צײַטנווײַז אָנהענגען עפּעס. אונטערהענגען. א, די עמערס אויף דער קאָראָמיסלע. אויך פֿיג. א, אַ בלבול. 2. צוטשעפּען. א, נאָו אַ פּאָר וואַגאָנען. מיט ז י ך — צושטיין. א, זיך צו מיידלעך.

אונטערטשע ן — טרוו. ־פּע אונטער, ~געטשערפּעט. סל. בהדרגה אָדער צו ביסלעך עפּן. א, וואַסער פֿון קרעניצע.

אונטעריאָגן

אונטעריאָגן — טרוו. יאָג אונטער, ~

געיאָגט. 1. אָניאָגן, לויפֿנדיק אָדער פֿאָתדיק
גיך. א, עמעצן און אים איבערגעבן די בשׂורה.
א, און טרעפֿן אים בײַ דער ערשטער
קרעטשמע. „איז ער אַרויס פֿון וואַלד און האָט
[זי] אונטערגעיאָגט“, חש„ק, דער בלינדער
עדות, ווילנע 1914. 2. צווינגען אָדער
סטימולירן אַז עמעצער זאָל גיכער לויפֿן, גיין,
בכלל באַוועגן זיך גיכער. א, די פֿערד. א,
די וואָס באַטייליקן זיך אין פֿאַרמעסט. „
אונטערצויאָגן די פֿלינקע און שטאַרקן די
שוואַכע„, תּניא. 3. אונטערטרײַבן, מע זאָל
גיכער, אימפּעטדיקער טאָן אַן אַרבעט. „דער
פֿאָרמאַן ווייס איינס — א, אונדז“, רייד.
„מאָביליזירט געוואָרן אונטערצויאָגן די
רעטונגס אַרבעט„, טמז, 4 .30 1964 III. אַליין
-

טאָן עפּעס גיכער. אָפֿט מיט ז י ך. „עס איז
שוין געווען שפּעט און מיר האָבן
אונטערגעיאָגט די אַרבעט„. אויו אוטוו. „זיי האָבן
דערפֿילט זײַנע בליקן און האָבן
אונטערגעיאָגט ב ײַ דער אַרבעט“, י. בריקס, היימיש,
מײַ 1959.
5. צואײַלן אַ געוויסן פּראָצעס, אַ

געשעעניש. א, דעם שטולגאַנג מיט ריצנאייל. א,
די רעדער פֿון געשיכטע. ,,דער צווייטער אופֿן
איז זען ,אונטערצויאָגן, די קישקעס, אַז זיי
זאָלן וואָס שנעלער דורכפֿירן זייער
פֿאַרדײַאונגס אַרבעט,,, דר, ע. פאַט, טמז, 7 1964 XI.
-
,,דורך דעם אַרײַנפֿיר פֿון גאָלד פֿון
אַמעויקע איז די געלט־ווירטשאַפֿט אין אייראָפּע
גוואַלדיק אונטערגעיאָגט געוואָרו,,, ר. ראָקער,
נאָציאָנאַליזם און קולטור, בּ,,א 1949. ,,דער
שאָס אין סאַראַיעוואָ האָט...אונטערגעיאָגט דאָס
וואָס עס איז געווען אומפֿאַרמײַדלעך, די
וועלטמלחמה,,, סאַנדלער, טמז, 29 ▯1964 II.
אונטעריאָג. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
אונטעריאַדען — טרוו. ־דע אונטער, ~
געיאַדעט. צײַטנווײַז אָדער אַ ביסל נגען,
ערגערן עמעצן. א, עמעצן ווי אַ בייזע
שוויגער. א, און אויסעסן ס'האַרץ.
אונטעריאַטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~
געאַטלט. וואול. מאַכן טראָגעדיק לא כּדת.
,
א אַ דינסטמיידל.
,

אונטעריאָ'כונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטעריאָכן. אורח פֿאַרטײַטשט
'מוטה, (ישעיה, נח, 6) — א'. פֿאַרשקלאַפֿונג,
פֿאַרקנעכטיקונג. די א, פֿון פֿרײַע פֿעלקער.
,,באַפֿרײַען פֿון יעדער א',,, אַ. גאָרדין,
יאַנאָווסקי..., ל,,אַ 1957.
אונטעריאָ'כט — אַדי, פּאַר אונטעריאָ'כן
←. ,,ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק, אַן א, פֿאָלק,,,
זשיט III, נ"י 1912.
אונטעריאַכמערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געיאַכמערט. פֿון צײַט צו צײַט וויינען,
בליפּען, שרײַען, יעלהן. א, ווי אַ זלידנע
ייִדענע.
אונטעריאָ'כן — טרוו. ~יאָך, ~יאָכט.
דטשמ. ליטרש אָפּט געניצט. אַרויפֿלייגן אַ
יאָך. באַצווינגען; פֿאַרשקלאַפֿן. א, די באַזיגטע.
פֿעלקער וואָס ווילן זײַן פֿרײַ...קיינער קען
,,

זיי ניט א',,, מר I, נ"י 1910. ־ער —
,,וועלן אויפֿשטיין און שטירצן זייערע א'ס,,,
טאָג, 18 1964 II. [מעגלעך צו בײַטן אויף

או'נטעריאָכן.]
אונטעריאָכצ(ע)ן — אוטוו. יאָכץ(־צע)
אונטער. ~געיאָכצ(ע)ט. 1. קלאָגן, קרעכצן צו
בּיסלעך אָדער צײַטנווײַז. א, פֿאַר ווייטיק.
2. צײַטנווײַז אָדער צו בּיסלעך אויסדריקן
פֿרייד (מיט קלאַנגען וואָס דערמאָנען אין
קרעכצן). א, פֿאַר שׂמחה. ־עניש.
אונטעריאָמערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געיאָמערט. וויינען, קלאָגן צײַטנווײַז אָדער
צו בּיסלעך. א, אויפֿן אייגענעם בּראָך.
אונטעריאָנצן — טרוו. יאָנץ אונטער, ~
געיאָנצט. 1. וואוּיליונגעריש. אונטערנאַרן.
אונטערכיטרעווען. אָפּנאַרן, איבּערכיטרעווען
צײַטנווײַז אָדער טיילווײַז. א, בּײַ עמעצן די פּאָר
קלינגערס. 2. וואול. דזוו אונטעריענצן.
אונטער־אַק — דער, ־ן (־עס). וואַרעם
לײַבּל. אָנטאָן דעם א', ווײַל ס'איז אַ פֿראָסט.
„פֿלעגט אַרומגיין...איבּער די מאַגאַזינען...צו
קריגן וואַרעמערע, בּעסערע זאָקן אָדער א'ן
פֿאַר די אַרעסטירטע„, סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאָ,
לאָנדאָן 1902.
אונטעריאַקל — דאָס, ־עך. פֿרויען־מלבּוש
וואָס מע טראָגט אונטער אַן אַנדער מלבּוש:
1. אונטערקליידל. „דאָס א, זעט זיך אָרויס,

מע דאַרף עס קירצן,,, רייד. 2. קאָפּטע
אונטערן רעקל אָדער זשאַקעטל פֿון אַ
פֿויעןקאָסטיום. ,,זי טראָגט אַ בלויען קאָסטיום
מיט אַ רויט א'", רייד.
אונטעריאָקלען — טרוו ־קל אונטער, ~
געיאָקלט. (גנבֿים־שפּראַך) גנבֿענען, לקחענען
אויף אַ געשיקטן אופֿן, פֿון אונטער דער
נאָז. אין איין רגע א, מיט דרײַ פֿינגער. א,
אַ זייגערל.
אונטעריאַקע — די, ־ס. 1. דזוו
אונטעריאַקל ←. 2. דזוו אונטעריאַק ←.
אונטעריובֿלען — [...יויוולען] טרוו. יובֿל
אונטער, ~געיובֿלט. פּראַווען אַ יובֿל, אַ
שׂמחה צוליב אַ באַשטימטער געלעגנהייט —
באַשיידן אָדער אַזוי ווי אין געהיים. ,,אײַער
יובֿל וועלן מיר א, נאָר אין אייגענעם קרײַז,
אָן אַ טאַראַראַם,,, רייד.
אונטעריוטשען — אוטוו. ־טשע אונטער,
~געיוטשעט. 1. אונטערכריוקען. א, ווי אַן
אָפּגעפּאַרעטער חזיר. 2. (גראָב,
אָפּלאַכעריש). אונטערזיפּצן. א, פֿון ווייטיק.
אונטעריויכצ(ע)ן — דזוו אונטעריאָכצ(ע)ן
..
אונטעריוירן — יויר אונטער, ~געיוירט.

אוטוו — נאָך אַ בּיסל לאָזן פֿערמענטירן.
„מע קען נאָך ניט באַקן, לאָז דאָס טייג נאָך
א׳‟, רייד. טרוו — מאַכן עס זאָל (נאָך
אַ בּיסל) יוירן. א, דאָס פֿאַרקנעטעכץ, עס
האַלטן אונטער אַ קישן.

אונטעריום־טוכן — [...יאָנטעוון] אוטוו.
יומטובֿ אונטער, ~געיום־טובֿט. אַ בּיסל
יומטובֿן. סתּם אַזוי זיך מאַכן אַ יום־טובֿ. א,
און ניט קומען צו דער אַרבעט. א, בעת און
נאָו דער וואַקאַציע.

אונטערבּישופֿן

אונטעריוראַש — אַדי. וואָס איז פֿון (האָט
אַ שײַכות צו) דער ערשטער תּקופֿה פֿון דער
יוראַשער ערע (אין דער געאָלאָגישער
צײַטטאַבעלע). א׳ע פֿורעמונגען. .וראַש — אויפֿן
נאָמען פֿון די יוראַ־בּערג צווישן פֿראַנקרײַך
און שווייץ וואָס באַשטייען אין אַ גרויסער
מאָס פֿון קאַלכשטיינער].
אונטעריהסנען זיך — [...יאַכסענען] אוטוו.

יחסן זיך אונטער, זיך ~געיחסנט. פּפֿ:
~יהוסן (י□הוסן) זיך. איר. צײַטנװײַז
אָדער דורך אָנצוהערענישן אַרויסשטעלן זיך
מיטן יחוס, זיך באַרימען מיטן אָפּשטאַם. א,
זיך מיטן רבינס טאַבעק־שקעטל.

-

אונטערי□ ן זיך — [...ייִשעוון] אוטוו.
ייִשובֿ זיך אונטער, זיך ~געייִשובֿט. פּפֿ:

□

~ישובֿן זיך. זיך ייִשובֿן אַ ביסל, אויף
דער גיך זיך האַלטן אַן עצה. א, זיך װאָס
װײַטער צו טאָן.
אונטעריכלען — [...יאָכלעו] אַקוזוו. יכל
אונטער, ~געיכלט. (איר אָדער מיט
בכּיוונדיקער פֿאַרמינערונג) קענען עפּעס אַ ביסל,
זײַן אַ ביסל פֿעאיק צו עפּעס. א, אַ מלאָכה.
„ער איז ניט קיין װירטואָז, אָבער ער יכלט
אונטער,„.
אונטעריעלהן — [...ײַלען] יעלה אונטער,
~געיעלהט. 1. צײַטנװײַז אָדער
אײַנגעהאַלטן יאָמערן, קלאָגן. א, אין אַ װינקל. 2.

אונטערטומלען. פלוצעם מאַכן אַ גוואַלד, ווען מען איז דערצו ניט באַרעכטיקט.

אתטעריענטשען — אוטוו. ־טשע אונטער, ~געיענטשעט. (מיט ביטול) אונטערזיפּצן. אונטערקרעכצן. אונטערוויינען. א, ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

אונטעריענצן — טרוו. יענץ אונטער, ~ געיענצט. וואול. פֿון צײַט צו צײַט טרײַבן זנות. אויו מיט ז י ך.

אונטעריערן — ← אונטעריוירן.

אונטערירשע(נע)ן — [...יאַ'רשענען] טרוו. ירשן (ירשע) אונטער, ~געירשנט. 1. קריגן, איבערנעמען ירושה ניט אַזוי ווי עס קומט, ניט ווי מע האָט זיך גערעכט. א, די קאָפּעטעס פֿון אַן אַלטער קליאַטשע. 2 ביסלעכווײַז איבערנעמען די ירושה. א, דעם אַלטן טאַטן און ווערן דער גאַנצער בעל־הבית אין געשעפֿט.

-

אונטערישבענען — [...יאַ'שוועגען] אוטוו. ישבֿע (ישבֿן) אונטער, ~געישבֿעט (~געישבֿנט). זיצן פֿון מאָל צו מאָל אין תּפֿיסה.

אין אַ נאָווינע א, אין קאָזע. א, פֿאַר גניבֿות.

אונטערכּ(י)זובֿן — [...קי'זעוון] אוטוו. כּ(י)־זובֿ אונטער, ~געכּ(י)זובֿט. פֿפֿ: ~כּזבֿנען [...קאַ'זוועגען]. (מיט ביטול אָדער כּעס) פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך זאָגן ליגנס. א, מיט פֿאַרשטאָכענע אויגן.

-

אונטערכּישופֿן — [...קי'שעפֿן] אוטוו. כּישוף אונטער, ~געכּישופֿט. 1. אַ ביסל (אַזוי ווי) בשתּיקה כּישופֿן. א, מיט די אויגן. 2. (אַזוי ווי) פֿאַרכּישופֿן כּדי עפּעס צו קריגן פֿאַר זיך. א, די אַלמנה און ווערן איר יִוש.

אונטערכּעסן זיך

אונטערכעסן זיך — [...קאַ'אַסן] אוטוו. כּעס זיך אונטער, זיך ~געכּעסט. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט ווערן אין כּעס. א, זיך ווי נאָר מע דערמאָנט דעם קאָנקורענט.

אונטערבּשרן — [...קאַ'שערן] טרוו. כּשר אונטער, ~געכּשרט. 1. מאַכן אַ ביסל כּשר,

עס זאָל אויסזען כשר (ניט בנוגע דין, גאָר וואָס שייך ערלעכקייט). א, די גניבֿה מיט מילדערנדיקע אומשטאַנדן. 2. כלומרשט כשר מאַכן (מיט ביטול אָדער שפּאַסיק). א, פֿלייש. א, כלים אויף פּסח.

אונטערכתבֿע(נע)ן — [...קאַ'סווענען] טרוו. כתבֿע, כתבֿן אונטער; ~געכתבֿעט, ~ געכתבֿנט. דזוו אונטערשרײַבן, איר. א אַ באַפֿעל.

א, דעם נאָמען און שוויצן דערבײַ. „איך האָב געמאַכט פֿאַלשע וועקסלען און האָב... אונטערגעכתבֿעט און האָב פֿאַרשפּילט אין קאָרטן„, ל. ב. פּימסענשטיין, די צוואָה, לעמבערג 1894.

אונטערכאָדאַטײַ, — דער, ־עס. איר. צווייטראַנגיקער שתדלן. „מישטיינס געזאָגט, וואָס דער א, וועט שוין אויסכאָדאַטײַען„, רייד.

אונטערכאָוועז — טרוו. ־ווע אונטער, ~ געכאָוועט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, אַ ביסל שפּײַזן, דערנערן, האָדעווען, פֿיטערן. אַ דאַר ייִנגל וואָס מע דאַרף א'. א, דעם אײדעם. 2. אַ קורצע צײַט באַהילפֿיק זײַן בײַם דערציִען, בײַם אויפֿברענגען, ב9. א, דאָס אייניקל. אויך מיט ז י ך.

אונטערכאָכאָטשען — אוטוו. ־טשע
אונטער, ~געכאָכאָטשעט. רוסיצ. צײַטנוויַיז הויך, ווילד לאַכן. א, ווי נאַרישע מוידן.
אונטערכאַלטורעווען — אוטוו. ־רעווע
אונטער, ~(גע)כאַלטורעוועט. 1. צופֿאַרדינען געלט בײַם טאָן אַ זײַטיקע אַרבעט. א, בײַם פֿאַרקויפֿן לאָטעריי־צעטלען. אַ לערער וואָס כאַלטורעוועט אונטער מיט טרײַבן אַ טאַקסי.
2. (טעאַטער־לשון) כאַפּן אַ זײַטיקן אויפֿטריט. אויך: ניט ערנסט, פֿון דער האַנט אָפּזינגען, אָפּשפּילן און זיך אָפּטראָגן, איבערלאָזנדיק אָ ניט גוטן אײַנדרוק.
אונטערכאָליען — אוטוו. ־ליע אונטער, ~ געכאָליעט. גראָב. אונטערקרענקען. א, וועט ער בײַ מיר
אונטערכאָמכען — אוטוו. ־כע אונטער, ~ געכאָמכעט. 1. אומאיידל. אונטערשטאַמלען. אונטערמורמלען. א, און זיך רײַסן צום עמוד.
2. דזוו אונטערחכמהן זיך (←.), אָפּלאַכעריש.
אתטערכאָנטען — אוטוו. ־טע אונטער, ~ געכאָנטעט. וואוויליונגעריש. ווען אַ פֿרוי — פֿון צײַט צו צײַט זײַן אויסגעלאַסן. „הײַנט אַ צעלקע און מאָרגן כאָנטעט זי אונטער“.
אויך מיט ז י ך.

אונטערכאַפּ — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערכאַפּן (זיך). אַ פֿלינקער א, פֿון דער פּילקע.
אונטערכאַפּן — טרוו. כאַפּ אונטער, ~
גערכאַפּט. 1. כאַפּן וואָס עס פֿאַלט פֿון (אָדער
וואָס איז) אונטן. אונטערלויפֿן און א'. א,
די פּילקע, זי זאָל ניט פֿאַלן אויף דער ערד.
א, פֿישלעך מיט אַ נעץ. ״פֿראָיקע האָט
קונציק אונטערגעכאַפּט די משׂא אויף דער

אייגענער פּלייצע״, טמז, 2 .15 1963 IX. כאַפּן
פּלוצלינג, אומגעריכט. א, דעם אַנטלאָפֿענעם
אַרעסטאַנט. *אונטערגעכאַפּט ווערן (געטאָ־לשון)
= געכאַפּט ווערן פֿון די נאַציס. „די גרויסע
צאָל מענטשן וואָס זענען געוואָרן
אונטערגעכאַפּט״; „אַ דורכגייער וואָס האָט געהאַט
מזל ניט אונטערגעכאַפּט [צו] ווערן״, כ״י פֿון
אַ טאָגבוך אין לאָדזשער געטאָ [בלו□]. 3.
כאַפּן פֿון צײַט צו צײַט. *א, פֿליגן =
אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס. א, בײַ אַ ליגן. „כאַפּן
די פּילקע קען ער ניט, הלוואַי זאָל ער זי
אַמאָל א'„, רייד. 4. כאַפּן בשתּיקה, אין
געהיים. אַרויסכאַפּן. א, פֿון די הענט ממש.
„דעם זיפֿץ האָט באַלד אונטערגעכאַפּט דער
קאַלטער ווינט, אים פֿאַרטראָגן...„, בערג, אַרום

וואָקזאַל.

5. (אונטער)העלפֿן מיט אונטערהאַלטן. אונטערשטעלן די הענט און א, דאָס קינד וואָס פֿאַלט. א, דעם אַקראָבאַט, די טענצעריו. „דער קאָפּ האָט זיך אים פֿאַרשווינדלט און די תּלמידים האָבן אים קוים אונטערגעכאַפּט, ער זאָל ניט אומפֿאַלן", חג, טמז, 4 XII 1959. „עד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן צום אומפֿאַלן און איו האָב אים קוים אונטערגעכאַפּט", מ. נראָסמאַן, היימיש, תּשרי תשכ„ג.

6. דערהערן נאָר (כאָטש) אַ טייל פֿון אַ שמועס (כּדי זיך צו באַטייליקן אין אים). א, עטלעכע ווערטער און גלײַך אַרויסקומען מיט אַן אַנדער מיינונג. „האָט אונטערגעכאַפּט פֿונעם שמועס די לעצטע ווערטער", מ. טײַטש, אַרוס דעך פֿאַבריק, מינסק 1929. „אַמאָל וויל ער א, זייערן אַ שמועס; עס איז טשיקאַווע צו וויסן וועגן וואָס רעדן זיי", אַר, 'די טאָכטער'. „אַמאָל טרעפֿט אַז ער פֿאַנגט אָן צו ריידן [צו זיך], גלײַך ווי ער רעדט צו [עמעצן], און איך כאַפּ אונטער וואָס ער רעדט", י. א. קאַצאָוויטש, 60 יאָך לעבן. *א, אַ ו ו אָ ר ט, א, די ר י י ד — אויך: איבערשלאָגן עמעצן אין מיטן רעדן.

,,—־ האָסטו זיך אונטערגענומען אַ מאַן צו זײַן...[צווייטע העלפֿט פֿון שוו: ,,טאָ ברענג זשע געלט אין שטוב אַרײַן,,] — טאָ טרינקזשע בראַנפֿן, ביר און ווײַן, — כאַפּט אונטער אַבֿרהמל,,, ב. שאָפּיר, אָבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.

7. אונטערזאָגן, ווען דאָס ווערט ניט פֿאַרלאַנגט; כלומרשט אַרויסהעלפֿן מיטן אַרויסברענגען אַ וואָרט וואָס פֿאַרענדיקט דעם זאַץ, די צווייטע העלפֿט פֿון אַ פּסוק אָדער אַ מימרא. ,,ער פֿלעגט שוין גאָר אָפּט א, ביי דעם מגיד אַ פּסוק, אַ שטיקל אַגדה. מיט אים צו רעדן האָט מען געמיינט אַז ער איז אַ רעכטער יודע־ספֿר,,, דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. ,,ער האָט געדאַרפֿט זאָגן 'טיכל, האָט ער געזאָגט 'בריוו, — האָט זי אים אונטערגעכאַפּט...,,, שמעון בעקערמאַן, דער מאָרגן שטערן, אַדעס 1884. ,,דער גבאי האָט אים אונטערגעכאַפּט אויך מיט אַ פּסוק,,, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ I. ,,ייִדן וואָס האָבן ליב אַ מגיד און כאַפּן אונטער די פּסוקים“, חג, צמח אַטלאַס. *(אַקטיאָריש) א, (מיט) אַ וואָרט = אונטערזאָגן נאָר אין געציילטע פֿאַלן.

8. אויסדריקן צושטימונג דורכן האַסטיקן אַרויסבּרענגען אַ וואָרט אָדער עטלעכע ווערטער. א, אַ הוראַ נאָך די פֿלאַמיקע רייד. „טאַקע, אַדרבּא, כלעבּן! — האָבּן אונטערגעכאַפּט עטלעכע בּעלי־בּתּים — טאַקע אַ יושר, ער זאָל...דאַוונען!“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

9. תּיכּף, אָן בּאַטראַכטן, מיטריידן, מיטשרײַען (מיט אַ פֿירער, אַ רעדנער, אַ המון). „אַ דרײַפֿאַכן 'האָך, האָבּן אונטערגעכאַפּט די אַרטיסטן פֿון בּיידע טרופּעס“, שע, בּלאָנדזענדע שטערן I. „איר האָט אונטערגעכאַפּט דעם געשריי: 'רוסלאַנד איבּער אַלעס,,,, שנ, קריטיק און קריטיקער.

10. דזוו כאַפּן (בּײַ אַ טעות). „דער ייִד פֿלעגט מיך אַמאָל ווענלן א, אין אַ שטיקל גמרא, אָבּער איך האָבּ מיך ניט געלאָזט“, הרבֿ לוי גליקמאַן, זברונות בּית לוי, קעשענעוו 1934.

11. צוזינגען, מיטזינגען, זינגען צוזאַמען מיט אַ גרופּע (ווען אַן אַנדערער אָדער אַנדערע האָבּן אָנגעהויבּן). „דער עולם

דערהערט [דעם טאַלנער זינגען] און כאַפּט אונטער דעם ניגון", פּרץ, חסידיש. „מע טוט אַ זינג 'שושנת יעקבֿ'. טוען די קינדער אַ כאַפּ אונטער ,צהלה ושׂמחה'„, שע, קליינע מענטשעלעך. „אַ חסיד האָט אָנגעהויבן אַ זמרל, דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט, מיטגעזונגען", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.

12. דאָס אייגענע — מיסשפּילן, מיטטאַנצן. א, די האָראַ. אַרײַנרײַסן זיך אין קאַראַהאָד אוו א, דעם טאַנץ. „די קאַפּעלע כאַפּט אונטער מיטן בעטלערישן הפֿקר־טאַנץ, מיטן טאַנץ וואָס פֿאַרטאַנצט אַלע ווייטיקן", אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

13. גיך תּופֿס זײַן, באַנעמען אַז אַרויסזאָג, אַ רמז. א, די האַרבע תּורה. "ווי איז מען עס טאַקע אַזוינע פֿאַרשטאָפּטע קעפּ, מע זאָל נישט פֿאַרשטיין אונטערצוכאַפּן דאָס פּשוטע אויסדרינגעכץ פֿון [דעם רבינ״ס] גראָבן פֿינגער„, ייִל, ניט טויט, ניט לעבעדיק, ווילנע תת„ח.

14. גיך אויפֿכאַפּן, אויפֿנעמען אַ שטימונג, אַ טענדענץ, אַ צוגרייטונג צו עפּעס. א, אַ געדאַנק און אים פֿאַרשפּרייטן. „די דײַטשן האָבן נישט אומזיסט אונטערגעכאַפּט

דאָס בּוך פֿון דעם פֿראַנצויז ווי אַן אבֿן־טובֿ“,
צײַט, טמז, 21 ▯ 1961 .II “אַ נײַע פֿרישקייט,
אַ נײַע זיסקייט, אַ נײַע רחבֿות האָט זיי
אונטערגעכאַפּט“, שע, פֿונעס יאָריד I. „האָט
גלײַך אונטערגעכאַפּט די שטרײַק־כוואַליע“,
בּערג, בײַם דניעפּער II. „קודם־כּל איז אים
וויכטיק געווען אונטערצוכאַפּן די שטימונגען
צווישן די אַרבּעטער“, מ. טײַטש, אַרום דער
פֿאַבּריק.
15. גיך אויפֿכאַפּן, אויפֿנעמען
קערפּערלעכע באַזונדערקייטן, אייגנשאַפֿטן, ניטן (כּדי
נאָכצומאַכן, צו פֿאַרפֿיקסירן). א, די מאָדע.
דער מאָלער האָט אונטערגעכאַפּט דעם
אויגנבּליאַסק. „דאָס טעאַטער האָט באַדאַרפֿט א,
זייערע העוויות, נאָכקוקן זייער הילוך...און

אונטעדכאַפּן זיך

געבּן אַ ריכטיקע פֿאָטאָגראַפֿיע“, מוק,
טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.
16. אויסכאַפּן, גיך אויסקויפֿן. א, אַ
פֿאַרדינסטל. א, די מציאות. *(יאָ) אָט כאַפּט מען
עס אונטער = איר וועגן שלעכטער סחורה.
*א אַ פֿאַרקילונג = זיך אָנשטעקן מיט אַ

׳

פֿאַרקילונג.

17. מיט אַ מכשיר גיך אַרויסנעמען, אַרויפֿהייבן אע. די אויפֿלייג־מאַשין כאַפּט אונטער די בויגנס און קנייטשט זיי. „דאָס אונטערגעשניטענע שאַרבן־דעקל כאַפּט אונטער מיטן פינצעט און באַזײַטיקט דאָס“, יאַב. „דער אָפּשטויס־פֿליגל כאַפּט אונטער דעם אויפֿגעשניטענעם פּאַס ערד, קערט אים איבער מיטן אונטן אַרויף„, ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צוס טיש, קיִעוו 1928.

18. וואוילליונגעריש. זוכן מיט אַ כּוונה צו געפֿינען אַ פּאַרטנער. א, אַ מיידל, אַ פֿלינטעפֿליושקע.

19. אונטערוועלט. קריגן עמעצן אויף צו באַשווינדלען. א אַ פֿרײַער, אַ יאָלד. ־ונג.

׳

־עכ▯ן. ־עניש.

אונטערכאַפּן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. פּלוצעם זיך באַוויַזן. אונטערקומען אומפֿאַרהאָפֿט. „איך וואָלט מיך נאָך אפֿשר געווען געבאָרעט אַ צײַט, נאָר צום אומגליק האָט זיך אונטערגעכאַפּט דאָס ליטווישע לערערל„, ייִל, ניט טויט, ניט לעבעדיק. „צו דעם גנבֿס

שלימזל האָט זיך אונטערגעכאַפּט דער ר,

מ...[וואָ‎] האָט געוואָלט ווײַזן אַז מען איז

דעם בעל־הבית געטריַי“, קמ, 25 l866, No.

2. דערנענטערן זיך אומגעריכט, אומגעזעען.

אונטערשאַרן זיך. ,,ווען דער יצר־הרע זאָל

נישט געווען זיך א'...מינטערן אים מיט

זײַנע שאַרפֿע רייצמיטל,,, ממוס, שלמה. 3.

צופֿעליק אונטעררוקן זיך. ,,ווען עס זאָל זיך

ניט געווען א, דער שידוך פֿון סטרישטש“,

שע, יאָסעלע סאָלאָווײ. ,,דעמאָלט האָט זיך

אונטערגעכאַפּט מלך, אויף ווענען גאַנץ

ראַקיטנע האָט איר מקנא געווען“, בערנ, אָפּגאַנג.

4. אַרויפֿכאַפּן זיך אונטן, פֿון הינטן. ,,א,

זיו הינטער אַ וואָגן, בשעת פֿאָרנדיק

געשווינד — דערצו איז ער איין בריה טאַקע,,,

ממןס, ווינטשפּ.

5. מיט די בבֿ פֿון אונטערכאַפּן, ספּעצ

6 — 9. ,,'הונדערט מיט צוואַנציק יאָר

זאָלסטו מיר לעבן, — כאַפּט זיך אונטער

ברײַנדל מיט אַ זיס שמייכעלע פֿאַר תּענוג“,

ממוס, קליאַטשע. א, זיך צו טאָן, צו גיין

ערגעץ אאַזוו. ,,איך [ווע‎] נאָר ענדיקן [

דערקלערן] וועגן ליקוי־חמה. — דאָ האָב איך

זיך אונטערגעכאַפּט און האָב געבעטן ער זאָל

מיר לאָזן אַליין דערקלערן,,, י״ז בן־אָריח,
אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.

6. עפּעס טאָן גיך, אומגעריכט (כּדי צו העלפֿן). אונטערנעמען זיך. ,,ס'איז דײַן מזל וואָס איו האָב מיר דאָ באַצײַטנס אונטערגעכאַפּט, איידער דו האָסט עס אַראָפּגעשלונגען,,, ממוס, שלמה. ,,צו דעם האָט זיך אונטערגעכאַפּט מ. ספּעקטאָ□..ער האָט מיו □יט אויפֿגעהערט צו וואַרעמען,,, שע, פֿונעס יאַדיד II.

3□,

7. אָנקומען אוו אויסכאַפּן. ,,לאָזן זיך וואַרטן, אפֿשר וועט זיך ווער א, און מקדים זײַו,,, ממוס, שלמה. ,,גראָד האָט זיך דאַמאָלס אונטערגעכאַפּט אַ קונה, וואָס האָט איבערגענומען די קראָם", הרבֿ העפּטערמאַן, פֿאָר, □)9 19 XI.

8. אַרײַנכאַפּן זיך, אַרײַנקומען אויף גיך. א, זיך אין שפּיטאָל צום קראַנקן חבֿר. א, זיך צום פֿעטער נאָך חנוכּה־געלט. א, זיך קיין וואַרשע צו קויפֿן סחורה.

אונטערכאַפּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס כאַפּט אונטער. אַן א', אַ צופּאַטשער.
אַ גוטער א, פֿון דער פּילקע ־יש — אַדי.
.
־ערײַ.
אונטערכאַראָבען — אוטוו. ־בע אונטער,
~געכאַראָבעט. פּפֿ: ~כאָראָבען. סל.
אונטערקרענקען. א, און ניט קענען מער גיין
איבער די דערפֿער.
אונטערכאַראַשטשע(ווע)ן — טרוו.
־שטשע(ווע) אונטער, ~געכאַראַשטשע(ווע)ט. פּפֿ:
~כאַראַש(ט)ען. אוקר, מג, קאַרפּאַטאָרוס.
< אונגעריש + סל אונטער. קאַסטרירן.
א, דעם בוהײַ. „דעם יונג איז אַ מצווה א,,
ער זאָל ניט נאָכלויפֿן אַלע מוידן,,, רייד.
אונטערכאַרטשע(ווע)ן — טרוו. ־טשע(ווע)
אונטער, ~געכאַרטשע(ווע)ט. ־□ ,ni: □ □ <.
□]□a□נ□y□ו□]a□נ־ אוקר. אונטערפֿיטערן, אונטער
קאָרמען. א, ווי אַ דאָרפֿסייִד דעם איידעם.
אונטערכאָרטשען — ← דוווו.
אונטערכאָרכלען — ־כל אונטער, ~
געכאָרכלט. אוטוו — 1. פֿון צײַט צו צײַט אָדער
אַ ביסל אַרויסברענגען טיפֿע גאָרגל־קלאַנגען,
ענלעך צו כרכר. א, אַנשטאָט צו אָטעמען

רואיק. א, ווי אַ גוסס. א, ווי אַ ניט־
דערקוילעטער חזיר. "ער זאָל בשעת מעשׂה נישט
געווען צופּײַפּן מיט דער נאָז און א, מיטן
האַלדז", שע, אָרעמע און פּריילעכע 2 .I.

אַרויסבּרענגען דעם קלאַנג [ ] ווי אַ [כ]. ,,און
רעדן האָט דאָס גערעדט מיט דער חית,
אונטערגעכאָרכלט,,, שע, אין שטורעס. מרוו
— אַ בּיסל כאָרכלענדיק עפּעס זאָגן. א, דעם
ענטפּער ־עניש. ־ערײַ.

אונטערכאָרקען — ← אונטערכראַקען.
אונטערכוואַראָבּען — דזוו אונטערכאַראָבּען.
אונטערכוואָרען — אוטוו. ־רע אונטער,
~געכוואָרעט. סל. אונטערקרענקען. ,,ווי נאָר
עס קומט דער ווינטער, כוואָרעט ער אונטער,,,
דיין.
אונטערכוואָשטשען — טרוו. ־שטשע
אונטער, ~געכוואָשטשעט. סל. פּון צײַט צו
צײַט שלאָגן, שמײַסן מיט אַ בּײַטש, אַ רוט
אע. א, דאָס פּערדל. מיט ז י ך — א, זיך
מיט אַ בּעזעמל אויפּן פּאָל.
אונטערכויכען — אוטוו & טרוו. ־כע
אונטער, ,,געכויכעט. לר (ווילנע און אומג').

1. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך אָפּנאַרן, אויסשווינדלען. או'נטערהאַנדלען און א'. 2. צוגנבֿענען. א, אַ פּאָר בּייגל. ־ערײַ.
אתטערכו כען, ־קען — אוטוו & טרוו.
 כע, ־קע אונטער, ~געכוכעט, ־כוקעט.

אונטערכליאַסקען

1. וואוילינגעריש. אונטערקלאַפּן (עס זאָל זיך בּאַקומען אַ קלאַנג, ענלעך צו כוך אָדער כוק). א, (אין) דעם בּויך. 2. בּלאָזן, הוקען מיטן וואַרעמען אָטעם אויף אַן אָפּגעפֿרוירן גליד. א, אויף די אָפּגעפֿרוירענע פֿינגער. ־ערײַ.
אונטערכיבּנען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־נעט אונטער, ~געכיבּנעט. וורר. אונטערפֿעלן. עס כיבּנעט אונטער בּרויט.
אונטערכיטקען — טרוו. ־קע אונטער, ~ געכיטקעט. פֿטמ. אונטערשטעכן, אונטערקוילענען; אונטערפֿאַרטיקן. א, די עופֿות. א, די שׂונאים.
אונטערכיטרעווען — אוטוו. ־רעווע אונטער, ~געכיטרעוועט. וורר. פֿון צײַט צו צײַט אָדער אַ בּיסל כיטרעווען.

אונטערפֿעלשעווען. א', ניט זאָגן קיין ליגן און דאָך
ניט אויסזאָגן דעם אמת. א, בײַ
פֿאַרהאַנדלונגען.

אונטערכיכ(יק)ען — אוטוו. ־כיכ(יק)ע
אונטער, ~געכיכ(יק)עט. פֿון צײַט צו צײַט אַ
ביסל אַרויסקומען מיט אַ געלעכטערל וואָס
איז ענלעך צו די קלאַנגען כי־כי. א, ווי יונגע
מיידלעך. „דער לערער איז געווען אין כּעס,
אָבער די קינדער האָבן אונטערגעכיכעט„, רייד.
אויו מיט ז י ך.

אונטערכיליען — אוטוו. ־ליע אונטער, ~
געכיליעט. אוקר, וורר. 1. פֿון צײַט צו צײַט
זײַן שוואַך, זיך ניט קענען האַלטן אויף די
פֿיס. א, ווי נאָך אַ לאַנגן תּענית. 2. (
קלעזמער־לשון, < אַכילה) פֿרעסן, עסן אַ סך.
א', שטאָפּן אין זיך. אויו מיט ז י ך.

אונטערכיקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געכיקעט. וואויליונגעריש. אונטערשנײַדן. א,
דעם האַלדז.

אדנטערכל טש — אוטוו ־ט
אַפּאָען .
ע
אונטער, ~גע אָפּאָטשעט. פּפֿ: ~כ

טשען. אַ ביסל כלאָפּאָטשען; מאַכן אַן
אָנשטעל פֿון משתּדל זײַן זיך פֿאַר עמעצן
אָדער וועגן עפּעס. א, און וואַרטן אויף אַ
דאַנק.
אונטערכלאָריש — אַדי. (כעמיע) וואָס האַט
די קלענסטע צאָל אַטאָמען פֿון כלאָר אין
אַ מאָלעקול פֿון אַ כלאָרישער פֿאַרבינדונג.
א, זײַערס.
אונטערכלי — טרוו ־בע אונט .
צײַטנאָבען .
ר, ~
געכליאָבעט. פּפֿ: ~כל
(י)אָפּטשען.
ווײַז כליאָבען, זופּן מיט אַ געהילך. ,,לעון
זיו אויס עסן זופּ ווי אַ מענטש און ניט
א',,, רייד. 2. צו פֿיל טרינקען בראָנפֿן (
בשתּיקה). א, משקה.
אונטערכל(י)אַנען — ־נע אונטער, ~
געכל(י)אַנעט. סל. אוקר, וורר. אוטוו — דזוו
אונטערכיליען. טרוו — אונטערגיסן מיט אַ
געהילך. א, אַ שעפּל וואַסער אין באָד.
אונטערכליאַסקען, ~כליסקען — אוטוו
& טרוו. ־קע אונטער, ~געכליאַסקעט, ~

געכליסקעט. 1. פּאַטשן, שמײַסו אויף אוגטן, מיט אַ הילך. א, אין בּרייטן הינטן אַרײַן. א, די פֿוילע קליאַטשע. 2. אונטערקנאַקן מיט דער צונג. א, אויף אַ יאַטישן שטייגער.

אונטערכליושטשען
אתטערכליושטשען, ~כליעשטשען — טרוו. ־שטשע אונטער, ~ געכליושטשעט, ~ געכליעשטשעט. אונטערשמײַסן מיט אַ רוט, אַ בּײַטש אע. „א, די פֿערדלעך, וויאָ!“
אונטערכליושקען, ~כליוסקען — טרוו. ־קע אונטער, ~געכליושקעט, ~געכליוסקעט. 1. דזוו דפֿוו און אויך אונטערפּאַטשן. 2. אונטערגיסן מיט אַ געהילך. א, די פּאָמאָיעס אונטער יענעמס פֿיס.
אונטערכלינ(י)ען — אוטוו & טרוו. ־נ(י)ע אונטער, ~געכלינ(י)עט. אוקר. אַ שטאַרקן גאָס טאָן פֿון אונטן. די כוואַליעס האָבן אונטערגעכלינעט אויף בּיידע בּרעגעס. א, אַ גאַנץ פֿעסל וואַסער. אויך מיט ז י ך — שטאַרק הנאה האָבן, זיך פּאָסמאַקעווען. א, זיך מיט אַ גראָבּן וויץ.
אונטערכליפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~ געכליפּעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך,

מיט איבערראַסן ווײנען מיט אַ געהילך.
אויסדערציילן די צרות און א, דערבײַ. ,,עטל האָט שטיל
אונטערגעכליפּעט“, סאָוו, היימלאַנד, 2 196l, No.
,,האָט אָפּגעווישט דאָס נעזל, האָט
אונטערגעכליפּעט און ווײַטער גערעדט“, ליאָליאַ
קויפֿמאַן פֿאָר, 1962 ־ 14. 2. (איר, מיט ביטול)

-

ווײנען. ,,אַ וואָכן צוויי פֿאַר ימים־נוראים
הייבן אָן אין שטאָט אונטערצוכליפּען דער
רבֿ, דער חזן מיט אַנדערע כּלי־קודש,,, בערג,
בײַם דניעפּער I. ־עניש. ־ערײַ.
אונטערכמאַליען — טרוו. ־ליע אונטער,
~געכמאַליעט. 1. אונטערשמײַסן,
אונטערפּאַטשן, אונטערשלאָגן מיט כּוח. א, עמעצן
אַזוי אַז די נשמה זאָל קוים זיך האַלטן. א,
דעם יאַט מיט די פֿויסטן אין מאָרדע. 2.
במקום־ווערב פֿאַר אַרײַנפּרעסן, אונטערשטופּן,
שטאַרק קלאַפּן אאַ. א, אויףביידע באַקן.
־עניש.
אונטערכמאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך
אונטער, זיך ~געכמאַרעט. ווערן אַ ביסל

פֿאַרכמאַרעט. ״דער הימל במאַרעט זיך אונטער, אפֿשר וועט נאָך רעגענען״. „וואָס האָסטו זיך אונטערגעכמאַרעט? אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען?״, רייד. ־עניש.

אונטערכמורען — טרוו. ־רע אונטער, ~ געכמורעט. נעאָל. מאַכן אַ ביסל כמורנע, פֿינצטערלעך. „דער צו טונקעלער הינטערגרונט כמורעט אונטער דאָס בילד״, רייד. מיט ז י ך — זיך ברוגזן, זיך אָנבלאָזן. ־עניש.

אונטערכניקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געכניקעט. פֿון צײַט צו צײַט אָדער אַ ביסל וויינען צי זיך מאַכן וויינען. נעבעכדיק, אומבאַהאָלפֿן. ניט לאָזן צו רו און א., א, ווי אַ צעבאַלעוועט קינד. ־עכץ. ־עניש.

אונטערכעכל(י)ען — אוטוו. ־ל(י)ע אונטער, ~געכעכל(י)עט, ~געכעכלט. פּר. אויך מיט ז י ך. צײַטנווײַז, ביסלעכווײַז זיך פֿאַרהאַקן בײַם רעדן איבער שווערן אָטעמען, איבער אַ הוסט, כּדי אויסצוריייניקן דעם גאָרגל אע. „ענטפֿערט ער מיר צוריק און כעכלט זיו אונטער: איז מען שוין אַ פּראָסטער שוכן־עפֿר...״, דער לאָדזער סוחר, באַרדיטשעוו 1910. ־עניש.

אונטערכעכען זיך — ← אונטערכיכען.
„אונדז [קונדסים האָט] ווילד הנאה געטאָן, געשנירעוועט מיט די פּיסקלעך, און זיך אונטערגעכעכעט“, זאבֿ הלוי דער רבּי קלמן סענדערס, באַרדיטשעוו 1906.

אונטערכראָמ(ס,)קען — אוטוו. ־קע אונטער, ~געכראָמ(ס, ש)קעט. בײַם עסן אַ ביסל כראָמסקען, קײַען מיט אַ קנאַקערײַ. א, ווי אַ הונט וואָס עסט ביינער.

אונטערכראָפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~ געכראָפּעט. פֿון צײַט צו צײַט, אַ ביסל כראָפּען. אונטערשנאָרכ(ע)ן. געשמאַק שלאָפֿן און א'. „אין ווינקל האָט אַ באַיאָרטער ייִד פֿאַר לייגט אַ האַנט אין אַ האַנט אין די אַרבל און האָט אונטערגעכראָפּעט„, דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I, נ"י 1924. ־עכץ. ־עניש.

אונטערכראַקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געכראַקעט פֿון צײַט צו צײַט, ביסלעכווײַז

.

כראַקען, אַדויסברענגען פֿלעגמע, ליחות פֿון גאָרגל. א, מיט בלוט. שניאָשקען בראַנפֿן און א'. אויך מיט ז י ך. ־עכץ. עניש.

אונטערכרוקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~

געכרוקעט. אויך: ~כריוקען. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסברענגען קלאַנגען ווי (פֿון) אַ חזיר, ענלעך צו כרו־כרו. א, ווי אַ דבֿר־אַחר. ־עכץ. ־עניש.

אונטערכריפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~ געכריפּעט. צײַטנווײַז, ביסלעכווײַז כריפּען, אַרויסברענגען סקריפּעדיקע קלאַנגעו, ענלעכע צו כריפּ־כריפּ. א, בײַם שווערן אָטעמען. דער אַלטער כריפּעט שוין אונטער. דער באַס כריפּעט אונטער. „,די ,שטרומאַ, האָט קוים געזשיפּעט, די מאַשינען האָבן אונטערגעכריפּעט“, מ. שטיקער איבז, טמז, 2 III 1964. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

אונטערלאָבוסן — אוטוו. ־בוס אונטער, ~ געלאָבוסט. פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך זײַן אַ לאָבוס, פּראַווען שטיק. א, אין קלאַסצימער. א, אין אַ געזעלשאַפֿט.

אונטערלאָבן — טרוו. לאָב אונטער, ~ געלאָבט. טראַקטירן, מכבד זײַן, מהנה זײַן אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט. א, דעם גאַסט מיט אײַנגעמאַכטס. *א, דאָס האַרץ = נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, ווען מען איז הונגעריק אָדער אָפּגעשוואַכט. „,זי לאָבט אונטער דאָס האַרץ מיט טיי און ברויט„, ב.

ביזבערג, 'מיידלשע בענקשאַפֿטן'. מיט ז י ך
— רעפּל. א, זיך מיט קיצלדיקע וויצן. אויך:
כאַפּן אַ נאַש. זיך א, פֿרײַטיק מיט דעם
שבתדיקן צימעס. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
אונטערלאָג — דער (די), ־ן. 1. דאָס וואָס
ווערט אונטערגעלייגט. אַן א, צום שרײַבן,
צו קאָפּירן אאַזוו. א, פֿון פֿרעמדע האָר
אונטער דער פּריזור. אַן א, צווישן מאַטראַץ
און לײַלעך. 2. אונטערשטיץ, אונטערגעבײַ
(צו מאַכן פֿעסטער אָדער העכער). א, פֿון
קלעצער אונטער רעלסן. „אַ טיש...אויף אַן
א, פֿון אַ פֿופֿצן סענטימעטער די הייך„ פֿגעז,
,
ווילנע 3 .4 1925, No. אונטערשטאָף בײַ אַ
מלבוש. שטײַפֿלײַוונט ווי א, פֿאַר די לאַצן.
„דער [איבערציִער] מיט דער העלער א'",

אונטערלאָזן

פרץ, 'די רויז'. 4. דאָס וואָס מאַכט אַן
אײַנדרוק ווי מע וואָלט עס אונטערגעלייגט.
הינטערגרונט. גרוילעך מיט אַן א, פֿון בלוי.
„מיטן לאַנג־געטאָקטן האַלדז אויף אַן א, פֿון
צעפלאָנטעטע רויטע האָר„, פרץ, 'משופּע'.

5. דזוו אונטערלאַגע, בּ2.

אונטערלאַגע — די, ־ס. 1. דזוו אונטערלאָג, בּבּ 1־3. „קינסטלעכע צעפּ אָדער... קינסטלעכע א'גן„, פּגעז, ווילנע 10 1925, No. „...אומפּאַסיקע א'ס און...גומי־הײַזלעך„, פּגעז, פּאַריז 2 .5 1949, No. באַגרינדונג, יסוד, הנחה, באַזיס. „די פּיזישע א, פֿון דער נאַציאָנאַלער נשמה„, מתּתיהו מיזיש, יודישער קאָלענדאַר לשנה תּרע״ב, לעמבּערג 5 1911, No. „איז די אידייאישע א, פֿון דער קאָאָפּעראַציע געווען אַ בּײַזאַך“, בּ. האַלפּערן, פּנקס פֿון דער ייִדישער באַנק, ווילנע 1936. „האָט געלערנט אַז די וועלט...איז בּלויז אַן א, פֿאַר אונדזער דענקען“, קאָר 3 .I. (חזניש) נידעריקע, אונטערשטע טענער. איַ, האָט ער אַן א'!

אונטערלאָדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערלאָדן. קלענערע לאָדונג ווי נייטיק, ווי מע האָט זיך געריכט. באַקומען די א, און מאָנען די ניט־צוגעשטעלטע סחורה. „אַ דעפֿעקט...'אונטערלאָדונג, פֿון אינפֿאָרמאַציע, ווען עס קומען נישט אַרײַן גענוג סטימולן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט„, בּ. עטינגער, טמז, 11 1965 I.

אונטערלאָד — טרוו. לאָ
ן
1. אָנלאָדן מיט
ד אונטער, ~
געלאָדן. פּפּ: ~לאָדעווען.
משׂא ווינציקער וויפֿל מע קען אָדער מע דאַרף.
א, די וואַגאָנען תּבֿואה מחמת גניבֿות. 2. דזוו
אונטערלאָבֿן. *א, דאָס האַרץ. מיט ז י ך —
רעפֿל. ־עניש.
אונטערלאָדן זיך — אוטוו. לאָד זיך
אונטער, זיד ~געלאָדן. זיך לאָדן, פֿירן
פּראָצעסן איבער קלייניקייטן. א, זיך ווי אַן
אמתער יאַבעדניק.
אונטערלאָז — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אונטערלאָזן ←. 2. אַרכ. אויפֿהער, הפֿסק. „דז
אישׂט גיוועשׂט זונדר אונטר לושׂ, גמנט האבֿן
מירשׂ [= מיר עס] קענן קלגן“, ווינץ.
אתטערלאָזן — טרוו. לאָז אונטער, ~
געלאָזט (פּד), ~געלאָזן (לד). 1. פֿאַרפֿעלן,
מאַנקירן, דורכלאָזן (←. אויסלאָזן, בּ6). „
האבֿן מיר ניט קוינן אונטר לושׂן אונ, שיקן
דיר דיזן שליח מיוחד“, פֿון אַ בריוו פֿון
פֿראַנקפֿורט, 1454 [צינ I ▯]. „נון מוזן מיר
ניט אונטר לאָזן אונ, לובֿן גאָט דען

אַלמעכטיגן,,, יוסיפֿון, אַמשט, 1661. ,,אובֿ איינשׂ
טעט תּפֿילה אונ, ווערט ניט געווערט דא זאָל
מן ניט אונטר לאָזן צו בּעטן ווידר איין
מאָל אונ, עטליך מאָל“, בּראַנט. ,,קאַן איך
ניט אונטר לאָזן אַך צו גידענקן וואשׂ אין
דער זאַך שרײַבּט הרבֿ...,,, אַלכּסנדר עטהויזן,
בּית י�ראל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. ,,דאָ
קענען מיר ניט א, און לאָזן אײַך בּעטן
גאָר פֿרײַנדלעך,,, פּבּ, 1923.
2. אַרכ. דערלאָזן. פֿאַרלאַנגען. ,,אודות
השבֿוי...דא קענין מיר ניט אונטרלאזין...דז

אונטערלאַטוטניק

איר זאָלט אײַך מטריח זײַן בּכל מה דאפֿשר“,
פּראָגבּ, 52.
3. לאָזן פֿון אונטן אַרויף אָדער פֿון
אויבּן אַראָפּ. א, אַ זעץ אין די ריפּן. ,,אַ
ווײַסחבֿרהניק, אַ מזיק אויף...'פֿאָנפֿעס,
אונטערצולאָזן [אַ קונדעסערײַ, לאָזן איינעם רויך
אין פּנים אַרײַן מיט אַן אָנגעצונדן
שקאַרמיצ�],,, ממוס, שלמה. א, אַ נפֿיחה, א, אַ
שלעכטן ריח. א, און אַוועקשפּאַנען ווי
קיינמאָל גאָרניט. אויך מיט ז י ך.

4. דזוו אַרונטערלאָזן. א, אין וואַסער. אויך מיט ז י ך — זיו א, און מאַכן אַ נורקע. א, זיך אויף אַ שטריק. *א, אַ רויטן האָן (אויך: אָפּלאָזן אַ רויט הענדל אויפֿן דאַך) = אונטערצינדן. „האָט ער אָפּגעמאַכט מיטן [שייגעץ] אונטערצולאָזן אַ רויטן האָן און זיי זאָלן זיך טיילן מיט די גניבֿות“, ייִפֿאָל, 1890, No □).

5. צולאָזן, בכּיוון דערלאָזן צוקומען נאָענט, זיך דערנענטערן. א, דעם שׂונא צו אונדזערע פּאָזיציעס. 6. אונטערשיקן געהיים, בשתיקה. א, אַ זי צום ער = פֿון פֿרעמדן טויבנשלאַק. א אַן אייגענעם מענטשן צו די ,

קאָנקורענטן.

7. מוותּר זײַן אויף עפּעס. „איך וועל עס ניט א'!“, רייד. 8. מאַכן קלענער. א, דעם (פֿון) פּרײַז.

9. אונטעררוקן. א, אַ וואָרט, עס זאָל זיך אָנצינדן אַ פֿײַער. א, אַ ליגן. *א, אַ שפּילקע = אומדירעקט אַרײַנזאָגן, זאָגן עפּעס וואָס זאָל וויי טאָן. „נו וואָס מאַכט דײַן ווײַבל? האָט ער געפֿרעגט, וויסנדיק אַז זײַן ווײַב

איז פֿון אים אַוועק. — ער האָט אַ טבֿע
אונטערצולאָזן אַ שפּילקע", רייד.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער(־קע).

אונטערלאַטוטניק — דער, ־ס. ווג ־ניצע,
־ס. בעל־מלאָכה (שוסטער, שנײַדער) פֿון גאָר
אַ נידעריקער מדרגה וואָס אַרבעט ערגער
אַפֿילו פֿון אַ לאַטוטניק.

אונטערלאַטכענען — טרוו. ־כע אונטער,
~געלאַטכנט. דזוו אונטערלקחענען. גנבֿענען
צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. רוימען דאָס
הויז און א, דערבײַ. מער א, ווי קויפֿן.
־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.

אונטערלאַטע — די, ־ס. אַ לאַטע
אָנגענייט פֿון אונטן, אויף דער לינקער זײַט פֿון
מלבוש. אַ קאַפּאָטע מיט אייבערלאַטעס און
א'ס.

אונטערלאַט — טרוו ־ט־]. לייגן אַ
לאַען .

אונטער, ~

געלאַטעט. לד: ~ל

אַטענען.

טע פֿון אונטן, אויף דער לינקער זײַט. א,
די צעריסענע קאַפּאָטע. 2. לאַטען צו
ביסלעך. ציִען חיונה פֿון א'. 3. דזוו צולאַטען,

פֿאַרריכטן. א, דעם צעבראָכענעם פֿאַרקאַן.
פֿיג. א, דאָס געזונט. א, די אָנגעשטרענגטע
דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען. ־עכ ן. ־עניש.
אונטערלאַכן — אוטוו. לאַך אונטער, ~
געלאַכט. 1. לאַכן אַ ביסל פֿון צײַט צו צײַט,
,
מיט הפֿסקות. „שטייט איבער איר מיט אַ
האַלב אָפֿענעם מויל, לאַכט אונטער און

וייניקט זיך די ציין“, בערג, נאָך אַלעמען. 2.

לאַ745

כן פֿון עמעצן הינטער זײַן רוקן, לאַכן
בשתּיקה. „געווען אַזעלכע וואָס האָבן אַ ביסל
אונטערגעלאַכט“, טמז, 3 1964 I. אויך מיט
ז י ך. ־עניש. ־ער (־קע).
אונטערלאַנד — דאָס. מצ נב. שטח, יבשה
וואָס ליגט אונטן, אין דער נידער.
הינטערלאַנד. דאָס באַפֿעלקערטע א'.
אונטערלאָפּנ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע אונטער,
~געלאָפּנ(י)עט. וורר. גראָב. איר. 'אַ ביסל,
פּלאַצן פֿון האַרצווייטיק, האָבן ערגערנישן.
„אַלע רעדער פֿון אויטאָמאָביל ווענן אויפֿן

וועג א',,, רייד. ,,קיין שלעכטס ווינטש איך דיר ניט, דו זאָלסט נאָר א, פֿאַר קנאה,,, רייד.
אונטערלאַפּסירן — טרוו. ־סיר אונטער, ~(גע)לאַפּסירט. (באַלבירערײַ) לאַפּסירן אַ ביסל, אײַנרײַבן לײַכט אַ שניט (בײַם גאָלן) מיט לאַפּיס(שטיין).
אונטערלאַקירן

ליאַקי ן. 1.
לאַ— ט
רוו. ־ יר אונטער,
~(גע)לאַקירט. אויך: ~
קירן לײַכט, צופּוצן (מעבל, שיך) מיט אַ דינער שיכט פֿון לאַק. א, די שיך צום באַל. א, די ראַנדן פֿון טיש. 2. אונטערפּוצן. א, אַ נײַס. א אַ שיינעם ליגן ־ונג.

. ,

אונטערלאָקן — טרוו. לאָק אונטער, ~ געלאָקט. מאַכן לאָקן, קרײַזלען די האָר אויף אַ לײַכטן אופֿן, אַ ביסל. א, די פֿריזור.
אונטערלאַשטשען — טרוו. ־שטשע אונטער, ~געלאַשטשעט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט לאַשטשען, גלעטן, צערטלען. ,,מע טאָר ניט זײַן אַזוי קאַלט צום קינד. מע

דאַרף עס אויך א'"", רייד.
אונטערלאַשטשען זיך — ← דפּוו. אויך:
(פּרווון) צוטרעפֿן עמעצן מיט גוטע רייד,
מיט שבֿחים כּדי אַרויסרופֿן צו זיך
גוטהאַרציקייט פֿרײַנדשאַפֿט. א, זיך צו דער בײזער
,
שוויגער. א, זיך ווי אַ היימלאָזער הונט.
־עניש.
אונטערלאַשׂ — דער, ־ן. אַרכ. ←
אונטערלאָז, בּ2. „די פֿרומקייט לשם שמים אונ,
און [= אָן] אונטערלאַשׂ...גיוווערט אַל מאָל
בּיז איבּיג", בּראַנט.
אונטערלויבּן — טרוו. לויבּ אונטער, ~
געלויבּט. לויבּן, רימען צו בּיסלעך. א, דעם
תּלמיד כּדי צוצוגעבּן חשק אָדער ער זאָל
זיך לערנען. אויך מיט זיך. ־עכץ.
־עניש.
אונטערלויזן — טרוו. לויז אונטער, ~
געלויזט. 1. דזוו אויסלויזן, אויסלײַזן, בּאַפֿרײַען
פֿון לײַז אויף אַ לײַכטן אופֿן, ווי ניט איז.
2. איר. אונטערזוכן, פֿאָרשן, אַנאַליזירן,
אויסגעפֿינען חסרונות. 3. בּמקום־ווערבּ פֿאַר
טאָן אַן אַרבּעט פֿאַמעלעך און שלעכט. „עך,
ווי אַרבּעט ער — עך, ער לויזט אונטער„,

רייד. ־עכץ. ־ער.

אונטערלויטער   וו. ־ער אונטער, ~
געלויטערט. פּפֿ:   ערן ←. מאַכן אַ
בּיסל לויטערער, צוגעבּן אַ בּיסל העלערע
פֿאַרבּ. א, דעם שאַרפֿן רויטן קאָליר. פֿינ.
א אַ שטימונג ־ונג.
,   .

אונטערלויפֿן

אונטערלויכטן — טרוו. לויכט אונטער, ~
געלויכטן (אויך: ~געלויכט). פּפֿ: ~לײַכטן
←. צולויכטן מיט אַ שוואַכער שײַן. א,
דאָס פּירהויז. א, מיט אַ סטאָטשיק. ־עניש.

אונטערלוינען — לוין אונטער, ~געלוינט.
טרוו — צאָלן אַ לוין (פֿאַר אַרבּעט, פֿונקציע)
ווינציקער ווי עס קומט, ווי ס'איז
אײַנגעשטעלט. ווערן רײַך פֿון א, די אַרבּעטער.
אוטוו, אומפּ — לוינען אַ בּיסל, נאָר בּיז
צו אַ געוויסער מאָס. „אפֿשר וועט מיר א,
צו בּלײַבּן דאָ נאָך אַ וואָך“, רייד.

אונטערלויערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געלויערט. לויערן אַ בּיסל. אונטערקוקן,
נאָכקוקן, נאָכשפּיאָנירן פֿון דער זײַט, מיט
איבּעררײַסן. א, דעם קאָנקורענט, דעם שׂונא. ־ונג.

אונטערלוי — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אונטערלויפֿן. אַן אײַליקער, אומגעריכטער א'. 2. נידעריקסטער טייל, אונטערשטער לויף פֿון שטראָם. דער א, פֿון טײַך.

אונטערלויפֿן — אוטוו. לויף אונטער, בּ י ן ~געלאָפֿן. [וועגן ה אָ בּ ← אויסלויפֿן].

1. לויפֿן פֿאַמעלעך, צו בּיסלעך. א, בּײַ אַ פֿולן וואָגן בּאַרג אַראָפּ. א, נאָך די

אַוועקמאַרשירנדיקע סאָלדאַטן. „איך קען ניט נאָכהאַלטן, מוז איך א'“, רייד. „די יאָרן לויפֿן אַוועק, די עלטער לויפֿט אונטער“, שוו. *דער זייגער לויפֿט אונטער.

2. צולויפֿן (צו עמעצן, צו עפּעס) געשווינד, האַסטיק. „איז גלײַך אונטערגעלאָפֿן און האָט אים דערמינטערט“, א. י. סאַפּיר, דער קליינער קאַטערזניק, ווילנע 1883. „דערווײַל איז אונטערגעלאָפֿן דער חכם מיט אַ פֿייגעלע אין דער האַנט“, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. „די אויפֿזעער וואָס זײַנען געשטאַנען פֿון ווײַטן לויפֿן אונטער געשווינד העלפֿן זייערע הערשער“, אַלג, ייִד, אַרבּעטער־בּונד..., לאָנדאָן 1902. „אַ דעטעקטיוו האָט אַ פֿײַף געטאָן, ס'איז אונטערגעלאָפֿן אַ פּאָליסמאַן“,

אַר, 'דעם ברודערס קוילן'. *דאָס בלוט לויפֿט אונטער אין פּנים (פֿון רציחה, פֿון אַ קלאַפּ).

3. צולויפֿן מיט הכנעה, העפֿלעכקייט, אונטערטעניקייט. א, אויף גיך און עפֿענען די טיר פֿאַר דער דאַמע. דער זעלנער לויפֿט אונטער, ציט זיך אויס פֿאַרן אָפֿיציר. 4. אָנלויפֿן, אָניאָגן. „דו גיי, איך וועל אַרויס פֿון שטוב שפּעטער, אָבער איך וועל א, און דיך דעריאָגן„, רייד.

5. צולויפֿן פֿון אַ זײַט, פֿון הינטן, בשתיקה. „דעמאָלט זאָלט איר א, צו אים פֿון הינטן און אויף אים אויסשיסן„, ש. בעקערמאַן, הדסה, אַדעס l884. „איז איינער פֿון הינטן אונטערגעלאָפֿן און האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם לאַבן ברויט און מיט אים אַנטלאָפֿן“, ה. יאַכנוק, אויס ביאַליסטאָק אין אַמעריקע, וואַרשע 1894. „[ע] גייט אַרויס פֿון שטוב און איך לויף אונטער און כאַפּ אים גלײַך פֿאַר די לאַצן„, פּינסקער שטאָט־לוח, 1903.

6. דזוו ב5 און אויך אַ שטויס טאָן, אונטערשטעלן אַ פֿיסל אע. „[יאַשעק] איז מיר נעכטן אונטערגעלאָפֿן אויף דעם גליטש...וואָס דורך אים האָב איך שיִער ניט האַלדז און

אונטערלופּ

לייַבּ צעבּראָכן", פּרץ, 'וואָס הייסט נשמה'.
,,וויַסע־חבֿרהניקעס לויפֿן אונטער, קרימען זי
איבּער. דער טוט זי אַ ריס, דער — אַ
ציפּ,,, שע, מע ייקת און פֿאַנטאַזיעס.
7. אונטערפֿליסן, אונטעררינען.
איבּערלויפֿן (וועגן מילך). ,,איז אונטערגעלאָפֿן אַ בּיסל
מילך אונטערן פֿליישיקן יויך־טעפּל",
דלוגאַטש, וועלט־מסורה, וואַרשע 1881. ,,און וויפֿל
מילך איז אונטערגעלאָפֿן,,, בּאַש, מיַין
טאַטנס בּית־דין שטובּ. 8. אונטערקומען.
פֿעליק ווערן. ס'וועט בּאַלד א, דער (טערמין
פֿון) וועקסל. ס'לויפֿט אונטער דאָס איַינצאָלן
שׂכר־לימוד. 9. קומען אומגעריכט. ,,איידער
וואָס־ווען איז אונטערגעלאָפֿן די מלחמה,,, בּ.
שלעווין, גק, 47 No.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)
פֿון די ערגסטע אונטערלויפֿערס איז
— ,,
דאָס וואָרט ,,פֿאַר". אין ענגליש האָט דאָס
וואָרט ,,פֿאָר,, אַ מין צוועק־בּאַטיַיט, מיט אַן
אונטערטאָן פֿון 'כּדי',,, אַאַר, פֿאַש, 9 1956 III.
־עריַי.

אונטערלופֿ — די, ־ן. וורר. דיקע,
אַראָפּהענגענדיקע אונטערשטע ליפּ.
אונטערלופּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~
געלופּעט. סל. לופּען ליַיכט; אַראָפּנעמען,
אַראָפּשיילן פֿון אויבנאויף אַ דינע שיכט קאָרע פֿון
אַ בוים ־עניש.

.

אונטערלופֿע — די, ־ס. אונטערשטע רער
אין אַ צווייררעריקער ביקס.
אונטערליאַמעווען — טרוו. ־מעווע
אונטער, ~געליאַמעוועט. 1. (שניַידעריַי)
אונטערזוימען מיט אַ בענדל, אַ שטיקל שטאָף
אע. א אַ קליידל. 2. וואוילינגעריש.
און,
טערקלאָפּן, אונטערהאַקן, עס זאָל בליַיבן אַ
סימן. א, אַן אויג.
אונטערליאַפּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~
געליאַפּעט. 1. אַ גיס טאָן האַסטיק, אָן
איַינזעעניש. א, די פּאָמויניצע אונטערן שכנס
גאַניק. 2. פֿאַרבן אָדער מאַליעווען שלעכט;
פֿליאַסקען, שמירן הין און הער. א, ווי אַ
פּאַרטאַטש. 3. לייגן אָדער וואַרפֿן וואַפּנע.
־עכ􏰀ן. ־עניש.
אונטערליאַרעמען — אוטוו. ־רעם אונטער,

~געליאַרעמט. ליאַרעמען, פּילדערן צו
ביסלעך, מיט איבעררײַסן. א, אין קלאַס איידער
דער לערער קומט.
אונטערליבן זיך — קזוו. ליב זיך אונטער,
זיך ~געליבט. ליב האָבן זיך אויף אַ לײַכטן
אופֿן, ניט באַזונדער ערנסט. א, זיך און ניט
זײַן פֿאַרקאָכט. א, זיך און אונטערקריגן זיך.
או'נטערליגן — אוטוו. ליג אונטער, ~געֶ
לעגן [אוקר אויך: ~געליגן]. ליגן פֿון צײַט
צו צײַט, צו ביסלעך. אונטערקרענקען. „באַלד
נאָך דעם פֿעטער זישעס טויט האָט [זי]
גענומען אָפּטער א, אין בעט„, מק,
זעלמעניאַנער I.
אונטערלי'גן — אוטוו. ~ליג(ט), ~לע'גן.
דטשמ. נר. זײַן אונטער עמעצנס רשות.
זײַן אָפּהענגיק פֿון עפּעס. „אַלע קאַצעטלער
פֿון אַ באַראַק א, דעם בלאָק־עלטסטן„, רייד.

„יעדער פּראָלאָנגאַציע פֿון אַ וועקסל אונטער־ א
ליגט דעם זעלביקן אָפּצאָל וואָס אַ נײַער
וועקסל„, ב. האַלפּערן, האָנטבוך...פֿון אַ
פֿאָלקסבאַנק, ווילנע 1922. „די ערשטע פּידל וואָס

דאַרף ניט קיין אָרקעסטער און קען אים ניט
א'„, שזר, טמז, 2 □ I 1964. „עס אונטערליגט
אָבער קיין ספֿק ניט אַז דער...ישובֿ האָט אויך
ניט ווייניק פּראָבלעמען“, ש. בייקער, טמז,
20 □ I 1964 [“אונטערליגט ניט קיין ספֿק“ —
כּלומרשטע פֿאַרייִדישונג פֿון נײַהויכדײַטש:
[□s unter1ieg□ keinem □י□ei□el].

אונטערליגנערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~
גערליגנערט. פֿון צײַט צו צײַט זאָגן ליגנ□.
א, און זיך באַרימען.

אונטערלידלען — ־דל אונטער, ~געלידלט.
אוטוו — שרײַבן לידער (לידלעך) ניט אָפּט,
אויף אַ צופֿעליקן אופֿן. מיט א, ווערט מען
ניט קיין דיכטער. טרוו — זינגען אַ ביסל
אין דער שטיל אָדער פֿון צײַט צו צײַט. א,
אַ באַקאַנטן ניגון.

אונטערליובען זיך — קזוו. ־בע זיך אונטער,
זיך ~געליובעט. (גוטמוטיק, איר) זיך ליבן,
זיך צערטלען פֿון צײַט צו צײַט.

אונטערליווערונג — די, ־ען. (סוחריש) ניט
קיין פֿולע ליווערונג, ווייניקער ווי מע האָט
באַשטעלט. פֿון דער פֿירמע באַקומט מען רק
א'ען.

אונטערליווערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געליווערט. צוליווערן וויניקער, ערגער אָדער
ניט דאָס וואָס מע האָט באַשטעלט.
אונטעררוקן אַ ליווערונג. א, אויך אַן ערגערן סאָרט.
אונטערלײַב — דאָס, ־ער [זן]. 1. (
אונטערשטער טייל פֿון) בויך. ,,ווער עס האָט
גיפֿט געגעסן...זאָל אײַנטונקען טיכלעך אין מילך
און צולייגן אויף דעם א',,, תּעלה ארוכה,
לבֿובֿ 1850. ,,מע מוז זען אַז דאָס א, אוו
די פֿיס [פֿון קינ□] זאָלן וואַרעם באַקליידט
זײַן,,, פּראָפֿ, שליניץ, מרפּא לעם, זשיטאָמיר
1874. ,,זיך געוואַקלט און האָט אויסגעזען ווי
ער וואָלט געקריגן אַ קויל אין א',,, חג, טמז,
2 .3 X 1958. אייפֿ. געשלעכט־אָרגאַן. ,,פֿאַר
דער פֿרוי ברענגען די קראַנקייטן פֿון דעם
מאַן זייער אומאָנגענעמע און געפֿערלעכע א'־
קראַנקייטן“, בּ. פֿײַגענבויס איבז, בעבעל, די
פֿרוי און דער סאָציאַליזס, נ“י 1911. ,,
געווינערין פֿאַרגעס ניט אַז דו זאָלסט ניט אָנרירן
,
בשעתן געבורט דײַן א'“, אָזע־בלעטער,
בערלין 1927. 3. קישקע(ס). קללה: זאָל דיר
אַרויסקריכן ס□א'! ,,גאָט האָט מיך אויסגעהערט
און ס'א, קריכט דיר שוין אַרויס,,, אָפּאַ, 'אין

אַ קעלערשטובּ'. 4. דזוו הינטערלײַבּ, רעקטום.
,,א, — דאָס הייסט די סטאָלצאָווע קישקע“,
טאַרלער רבּי, סגולות ורפֿואות, [לאָדז, 1910?].
אונטערלײַבּיק — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צום אונטערלײַבּ. אַן א'ע אַרטעריע.
אתטערלייג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אונטערלייגן. 2. דאָס וואָס מע לייגט אונטער.
דזוו אונטערבּעט. ,,די בּחורים האָבּן זיך
צעלייגט אויף די האַרטע בּענק...קיין א'“, ש.
סײַמאָן, צווײַגן. 3. דזוו אונטערלאָג,
אונטערלאַגע.

אונטערלייגן

ונטערלייגן — טרוו. לייג אונטער, ~
געלייגט. 1. לייגן פֿון אונטן, אונטער עפּעס.
א, אַ צעראַטע אונטערן טישטעך. א,
שטיינער אונטער די ציגל פֿון פֿונדאַמענט. ,,גווארנט
צו זײַן אַן שבּת קיין קליין קינד ניט צו
נעמן אויף די שויס, בּיז מן צום ערשטן איין
בּאדר אונטר ליגט אונטר דעם קינד,,, עח, מז/ג.
,,ווען מו קיין וועשׂר כּלי האָט, זו זאָל מן
עטלעכע שפּען אַדר שטרוי אונטר ליגן דר
מיט דשׂ די זאַלץ וואַשׂר קען אָפּ לויפֿו,,, דרך
הישר לעולם הבּ , שקלאָוו 1796. ,,כּדי דער

סכך זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן, לייגט [מען] אונטער
די דרענגער פֿון אַ לייטער, אָדער האָלאָבּליעס
פֿון אַ וואָגן, אָדער אַנדערע דרענגער□, דרך
אָדם, וואַרשע 1860. „ווען מע קאָכט דאָס
זילבּערוואַרג...דאַרפֿט איר א, אויפֿן דעק פֿון טאָפּ
אַ בּויגן אַלומינום־פּאַפּיר„ פֿאָר, 1 X 1964.

,

2. לייגן פֿון אונטן עפּעס, וואָס אויף דעם
זאָל מען גיין אָדער זיצן. א, בּרעטער פֿאַר די
פֿוסגייערס. א אַ קישעלע אויף דער בּאַנק.

,

„ווען ער איז גיגאַנגן אויז זײַנם הויז אין
דאשׂ בּית המדרש הניין, דא האָט מן אים אונטר
גיליגט סמוט [= סאַמעט] אונ, זײַדין דא איז
ער דרויף גאַנגן„„ לט 1, מב/ב. „מע לייגט אים
אונטער פֿון אַ וואָגן אַ ראָד, ער זיצט דאָרטן
בּשלום„„ ממוס, שירה.

3. אונטערבּעטן צום שלאָפֿן. א, אַ פּערענע,
שטרוי אע. „ער לייגט אים אונטער אַ שטיקל
רעדנע, וואָרעם בּעטגעוואַנט היצט“, דער
ליכטיקער גן־עדן, זשיטאָמיר 1876. [גלייבּעכץ: מע
זאָל ניט א, די מלבּושים צוקאָפּנס און שלאָפֿן
אויף זיי, ווײַל דאָס שוואַכט אָפּ דעם זכּרון.]

4. אַוועקלייגן עפּעס נידעריק (אונטער עפּעס)

מיט אַ ספּעציעלער כּוונה. א אַן איי אונטער

,

דער קוואָקע. א, אַ גענדזן איי אונטער אַ הון.
„אַז מע לייגט אונטער איין איי, נעמט מען אַרויס
צוויי„, שוו. „וועסט א, אַן איי, וועט
אַרויסקומען אַן עוף“, שוו [= א) ס'לוינט צו
אינוועסטירן; בּ) אַז מע טוט עפּעס פֿאַר יענעם,
קריגט מען אַרויס צוריק, מער, בּעסערס]. „די
הון ווייס אַוודאי צו וואָס מע לייגט אונטער
די פֿאַדע“, שוו [איר, מענטשן ווייסן ניט ווי
און צוליבּ וואָס מע ניצט זיי אויס].
5. אַוועקלייגן עפּעס אונטער עפּעס כּדי צו
פֿאַרפֿעסטיקן. א אַ קלעצל אונטערן פֿיסל פֿון

,

-

טיש. א, בּעלקעס, אײַזנס, שטיינער אונטערן
פֿונדאַמענט.
6. אַוועקלייגן מיט דער כּוונה מע זאָל עס
געפֿינען. א, עסנוואַרג פֿאַרן אָרעמאַן. „האָט
איר געפֿונען אַ האַלבּ קערבּל אין אײַער גמרא
...דאָס האָבּ איך אײַך...אונטערגעלייגט“, בּערג,
בּײַם דניעפּער I. *א אַ לעקעכל =

אונטער,

חנפֿענען. ,,זינט איך געדענק...געדענק איך ווי רעדאַקטוירים וואָס האָבן קיין מזומן נישט צו צאָלן פֿלעגן א, אַ לעקעכל...איך זאָל זיי שיקן מײַן...פּיקטשע", נאַד, טינט און פֿעדער, ב"י .193

7. אונטערשטעלן, אונטערוואַרפֿן, אַוועקלייגן מע זאָל געשטרויכלט ווערן, מע זאָל אַרײַנפֿאַלן. א אַ קלאָץ פֿאַר די פֿיס. *א, שטיינער ,

-

אין וועג — אויך: שווער מאַכן, קאַליע מאַכן, ניט דערלאָזן. א, אַ געגנבֿעטע זאַך. א,

טריףאונטערלייגן זיך

פּסול. ,,די האָפֿערדיקע האָבן מיר אַ פּאַסטקע אונטערגעלייגט,,, תּי, תּהלים, קמ, 6.

8. צולייגן, צוגעבן, מוסיף זײַן (פֿון אונטן, אויף אונטן). א, נאָך אַ הויפֿן ראָזשינקעס אין מולטער. א, שפּײַז אין טעלער. א, אַ דרײַערל צו דער גוטער קאָרט. א, קוילן, נאָך אַ פּאָר

שטײטלעך אע צום פֿײַער, אין אויוון אע. „האָט מען מיר [= מיך] דרײַ מאָל צו 3,000 איבערגעדרוקט, אויסער וואָס...די פּרעסנציִער, די אויפֿגעבער פֿלעגן א, פּאַפּיר“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. „איך לייג אַלץ אונטער שפּענדלעך, דאָס טעפּל קאָכט„, ממוס, שלמה.

9. צולייגן, גיצן אַ גליד פֿון קערפּער (כּדי צו העלפֿן). „העלף שלעפּן, לייג אונטער אַ האַנט (די הענט, אַ פּלייצע, די אַקסלען)“. *א, די פֿיס = אויך: צולויפֿן, נאָכלויפֿן. *מע קען די הענט ניט א, = רעדט ז׳ך וועגן קבֿר, אונטער אַ בּר־מינן. בּ: מע קען קיין זאַך ניט טאָן פֿאַר אַ טויטן, מע דאַרף אַליין ווײַטער לעבן.

1O. אונטערזאָגן אַן ענטפֿער (דעם מיטשמועסע׳), אַרײַנפֿאַלן עמעצו אין די רייד. „האָט איר אים טאַקע [דעם שוועסטערקינד]...לייג איך אים אונטער. — פֿײַנט ניט, נאָר ליבּ אויך ניט„, פּדץ, 'וועגן געשיכטע'.

11. אונטערצינדן. א, אַ בּאָמבּע. *א, אַ שטינקבּאָמבּע = אָנמאַכן אַ געסרחה. „האָט זיך געוואָלט נוקם זײַן און האָט אונטערגעלייגט דאָס ׳ראָטהויז פֿון דעם איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע

שׂריפֿה,,, שאריתּ, לעמבּערג [יאָר?]. געוויינלעך
מיט: (אַ) פֿײַער. אויך: א, אַ שוועבעלע. ,,דער
צוקונפֿט־מענטש וועט נאָר דאַן ווערן גוט ווען
ער וועט מוטיק און זאָרגלאָז א, אַ שוועבּעלע
אונטער זײַנע בּריקן,,, דער לעבּעדיקער, פֿאַש,
.II l952 1
12. אונטערהעצן, פֿאַרשטאַרקן אַ מחלוקה.
א, (אַ) פֿײַער, אַ שוועבּעלע, האָלץ (אויפֿן פֿײַער).
,,ער זאָל אויך דאָ אין אַמעריקע קאָנען א,
בּרענשטאָף אויף די פֿײַערס פֿון אַנטיסעמיטיזם“,
זשיט □I, נ,,י 1912. *א, אַ קנייטל = צוגעבּן
פֿײַער, היץ צו אַ קריגערײַ, מחלוקה. אויך:
שטערן איינעם אין עפּעס צו דערגרייכן. ,,האָט
דער יצר־הרע אים ניט געלאָזט וואַרטן...אים
געטריבּן ווי מיט בּײַטשן: גיי און לייג אים
אונטער אַ ,קנייטל'!,,, פּ. רודאָי, טמז, 1961
.□ □III
13. (אונטער)מסרן. אויסטראַכטן אַ בּלבּול.
פֿאַרשפּרייטן אַ רכילות. *א אַ חזירל. ,,ער
אַליין איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּראָצעס פֿאַר
א, דעם רבֿ,,, פּרץ, 'נומער 42, [דאָ פֿעלט דאָס
וואָרט אַ פֿײַער. רבֿ — דאַטיוו.]

14. אונטערשלאָגן. *א, אַ קישעלע אונטערן
אויג = שלאָגן, עס זאָל געשוואָלן ווערן
אונטערן אויג. *א, אַ פּל(י)אַסטער = מאַכן אַ
וואונד. „אונטערגעלייגט אים אַ פּליאַסטער, ער
וועט מיך שוין האָבן צו געדענקען“, רייד (מוש,
וור).

15. אַרומלייגן. א, וואַטע. „מיר זענען דאַר,
לייגן מיר אונטער שמאַטעס...אַז מיר זאָלן זײַן
נראָבֿ„, ש. בעקערמאַן, דעך זשענסקער וואָפּראָס,
אַדעס 1887. 16 פּאַרלייגן. „האָט זי אַ
פּאַר.
טראַכטע אונטערגעלייגט אירע הענט אונטערן

, 7

קאָפּ“, ש. איזבאַן, טמז, 1964 ו 3. 17.
אונטערנייען, אונטערשלאָגן. א, באַרכעט, זײַד. א,
שטײַפֿלײַוונט. א, סטילקעס אין די שיך. ־ונג.
־עכץ — „אַפּערגעריסן פֿון אונטער דער כלה
דאָס א', באַקוקט און באַשמעקט„, באַש, [
היימיש, יולי 1958]. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אונטערלייגן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך
אַוועקלייגן אונטער עפּעס. זיך א, אונטער אַ באַנק.

2. לייגן עפּעס אונטער זיך. זיך א, אַ פּערענע. זיך א, מיט קישנס.

3. זיך אונטערוואַרפֿן, זיך אונטערגעבֿן, ווערן אונטערטעניק. „אַ ליידיקער זאַק שטייט ניט איַין, ער מוז זיך א'“, שוו. [ווש מיט בו. ציט אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1865.] „איך וועל זיך טאַקע אוניזשאַיען, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מע מוז זיך אַמאָל א'. ווי זאָגט מען, אַז מע קען ניט אַריבֿער, מוז מען אַרונטער“, קמ, 1868, No 16. „עס העלפֿט ניט, איך מוז זיך א, אונטער זיי, אפֿשר וועלן זיי רחמנות האָבֿן“, ש. בֿעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1884. „דער בֿעלהבֿית עקספּלואַטירט זיי שרעקלעך און זיי מוזן זיך א', [אַניט] וועלן זיי דאָך גאָר קייו אַרבֿעט ניט האָבֿן„, א. י. בֿוכבֿינדער, ייִפֿאָל, 1885, No 47. „עץ וועט אָבֿער מיינען אַז מיט דעם וואָס עץ וועט ענק א, איַיערע שׂונאים וועט ענק בֿעסער זיַין", יהודא לייבֿוש קאָדעץ, דער אתרוג, דראָהאָבֿיטש 1899. 4. זיך צוחנפֿענען. „איך וועל מיך ניט א, ווי אַנדערע מיט...חניפֿהלעך און זיסע ריידעלעך און צוקערדיקע שמייכעלעך“, שע, מאָנאָלאָגן.

5. זיך קרעפּטיקן מיט גוט אַריַינעסן. זיך א, ווי אויף אַ וויַיטן וועג. „אַלע דריַי האָבֿן זיך

אַוועקגעזעצס און זיך גוט אונטערגעלייגט מיט גוטע עסנס,,, פּ. ג., נסיס מן השמיס, לובלין 1914.

אונטערלײַגן — אַקוזוו. לײַג אונטער, ~ געלײַגט. ניט זאָגן דעם (גאַנצן) אמת, ליגנערן פֿון צײַט צו צײַט. ,,ער איז ניט קיין שקרן, ער לײַגט בלויז אונטער בײַ אַ געלעגנהייט,,, דייך.

אונטערלײַדן — אוטוו & אַקוזוו. לײַד אונטער, ~געליטן. לײַדן פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך. א, (פֿון) הונגער, (פֿון) קעלט. א, און זיך ניט איבערנעמען. א, פֿון קאָפּווייטיק.

אונטערלייזן — טרוו. לייז אונטער, ~געלייזט. לייזן אַ ביסל, צו ביסלעך, פֿאַרדינען פֿון אַ זײַטיק געשעפֿטל. א, גראָשנס. א, אין אַ מאַרקטאָג ח״י קאַק סערעבראָם.

אונטערלײַט — די. אצ — אונטערמאַן. (מיט ביטול) די וואָס זײַנען אונטער עמעצן (אין אַ גרופּע, כנופֿיה). דער אָנפֿירער פֿון דער באַנדע און זײַנע א'.

אונטער לײַטישע אויגן — אַדוו פֿראַזע. ווען אַלע אַרומיקע זעען; ווען מען איז אויסגעשטעלט נאָכגעקוקט צו ווערן; ווען מע קען געבן אַן עין־הרע. מאַך זיך ניט צום נאַרן

א, ל, א'. אַ סקאַנדאַל א, ל, א'. „א, ל, א, ווערט מען געהויבן, ווערט מען געבויגן“, שוו. „איז בײַ זיי געבליבן דאָס זיי זאָלן אַרויספּאָרן...אום

אונטערלינג

זיי זאָלן ניט ליגן א, ל, א'„ א. סאַפּיר, דער קליינער קאַטערזניק, ווילנע 1883.
אונטערלייטן — טרוו. לייט אונטער, ~ געלייט. 1. פֿאַרגיסן מיט מעטאַל (שפּאַלט, לעכל אין אַ כּלי) פֿון אוגטן. א, אַ צינענע קאַן. 2. דזוו צולייטן. א, די דרעטעלעך פֿון אַ ראַדיאָ אַפּאַראַט.
-
אונטער לײַטן — אַדוו פֿראַזע. צווישן לײַט(ן), צווישן מענטשן. „האשׂט אַן גבּרייט (מישרי׳) פּשרות אונטר דען לײַטן„ סהמ, תּהלים, צט, 4.
אונטערלײַטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געלײַטערט. דזוו אונטערלויטערן. מאַכן אַ ביסל לויטערער, גרינגער, ריינער. א, די שטימונג, די נשמה.
אונטערלײַכטן — טרוו. לײַכט אונטער, ~ געלײַכט(ן). 1. דזוו אונטערלויכטן. צולײַכטן אַ ביסל מיט אַ שוואַכער שײַן. „גיי פֿאָרויס, איך

וועל א, דעם וועג,.. ,,גיי...עפֿענען די טיר, איך
וועל אײַך פֿונוויטנס א',,, קמ, 1869, l9 No.
2. דזוו צולײַכטן, אויסלײַכטן. ,,קינד מײַנס,
דער אייבערשטער זאָל דיר א, דעם וועג,
וואוהין דו וועסט זיך קערן,,, רייד. ־עניש.
אונטערלײַלעך — דער (דאָס), ־ער. לײַלעך
אונטער דעם ליגנדיקן קערפּער, אויפֿן איבער
בעט אָדער מאַטראַץ (אין היפּוך צום
אייבערלײַלעך איבערן קערפּער, אונטער דער
צודעקקאָלדרע). [פֿון אַ משפּחה־דאָקומענט סוף 19.
י,,ה פֿון ביאַליסטאָק־סלויצק.]

אונטערלײַלעכן— אוטוו. ־לעך אונטער, ~
געלײַלעכט. אייפּ פֿאַר ,מאַכן אונטער זיך', אָפּטאָן
אין בעט אַ נאַטירלעכע באַדערפֿעניש.
אונטערלײַסט — די, ־ן. 1. לײַסט וואָס קומט
אונטן. אונטערשטע לײַסט. הינער זיצן אויף
דער א'. 2. (סטאָליערײַ) שמאָלע, דינע ברעט,
צוגעקלאַפּט אָדער צוגעקלעפּט פֿון אונטן.
3. (שוסטערײַ) שמאָלער פּאַס לעדער צווישן
אייבערלעדער און זויל. 4. (שנײַדערײַ)
שמאָלע שנור, סטענגע, באַנד, אונטערגענייט בײַם
ברעג פֿון מלבוש אויף דער אינעווייניקסטער
זײַט. אויך: מאַנקעט.

אונטערליַיען — טרוו. ליַי אונטער, ~געליִען, (~געליגן, פּד). באָרגן פֿון ציַיט צו ציַיט; באָרגן קליינע באַטרעפֿן. א, יעדן דאָנערשטיק אַ פּאָר קערבלעך צו מאַכן שבת. א, אין אַן עת־צרה בײַ אַ גוטן־ברודער.

אונטערלייענען — טרוו. לייען אונטער, ~ געלייענט. 1. לייענען צו ביסלעך, פֿון ציַיט צו ציַיט, אָדער בשתּיקה. א, גראָשנדיקע מעשׂהביכלעך. 2. לייענען אין דער שטיל פֿאַר עמעצן וואָס דאַרף לייענען הויך אָדער רעדן פֿאַר אַן עולם. א, די שווערע עבֿרי, די העברעאיזמען אע.

אונטערלייקענען — טרוו. ־קן אונטער, ~ געלייקנט. לייקענען טיילוויַיז אָדער אָן זיכערקייט, ניט־קאַטעגאָריש. א, פֿאַר דעם אויספֿאָרשונג־ריכטער. א, און זיך פּלאָנטערן.

אונטערלינג — דער, ־ען. אונטערטעניקער, סובאָרדינירטער. „[ער] וויל זיַין אַליין דער [הערשער], ניט אַ יוגאָסלאַווישער א'“, בצג, טמז, 29 1958 ׀I.

אונטערלינירן

אונטערלינירן, ~ליניעווען — טרוו. ־ניר, ־ניעווע אונטער, ~(גע)לינירט, ~(גע)ליניעוועט.

מאַכן אַ ליניע פֿון אונטן (אונטער דעם טעקסט),
אונטערשטרײַכן. א, די שווערע ווערטער.
אונטערליסט — די, ־ן. דזוו הינטערליסט,
כיטרעקייט. טוו פֿאַר 'ערמה'. אוצר השרשים,
.1880
אונטערליעפּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~
געליעפּעט. אַ ביסל אָדער שלעכט קלעפּן,
מאָדעלירן ניט־מײַסטעריש. א, און זיך האַלטן פֿאַר
אַ סקולפּטאָר.
אונטערליפּ — די, ־ן. אונטערשטע ליפּ.
גראָבע (געשוואָלענע, צעשפּאָלטענע אאַזוו) א'.
אונטערליפֿערונג — ← אונטערליווערונג.
אונטערליפֿערן — ← אונטערליווערן.
אונטערלעבן — אוטוו. לעב אונטער, ~
געלעבט. 1. לעבן צו ביסלעך, שטיל, רואיק
און אַ לענגערע צײַט. א, ביז אין די טיפֿע
נײַנציקער. 2. לעבן געמאַטערטערהייט,
קראַנקערהייט, אַ קורצע צײַט. „געהאַט יענע בייזע קרענק
און אונטערגעלעבט אַ צוויי יאָר אין הוילע
ווייטיקן“, רייד. „כ'ווייס, כ'וועל א, נאָך אַ פּאָר
יאָר, ווײַל גאָט וועט געבן“, רייד. 3. לעבן
ביז אַ געוויסן טערמין. א, ביז צו דער
טאָכטערס חתונה, ביז צום ערשטן אייניקל.
4. הוליען, זיך לאָזן וואוילגיין, לעבן אַ גוטן

טאָג — ניט אויף לאַנג. א, מיט אַ פּרוי. „איז זיך
צונויפגעקומען די חסידאַרניע, מע האָט אַ ביסל
אונטערגעלעבט“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגל. „אַז
לייזער איז געקומען אין אַדעס האָט ער
אָנגעהויבן א', ער איז געווען פּיל אין די
רעסטאָראַציעס, אין די טראַקטירן, אין די קאַבאַקן,
אין די פּריידן־הײַזער“, ש. בעקערמאַן, די
געהיימניס פּון אַדעס, אַדעס 1885. „געקומען קיין
בוקאַרעשט, האָט דײַן בראַטישעק...געגעבן אַ
לעב אונטער“, שע, בלאָנדזענדע שטערן. „דאָרט
האָט מען געקענט אַ פּאָר שעה פּריילעך
פֿאַרברענגען. גראָב, ציניש, אומנאַטירלעך, אָבער
דאָך א'“, דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I, נ"י 1924.
5. שטיפֿן, קונדייסעווען צו ביסלעך. „אַז יאָ
אויס בין־הזמנים, באַדאַרף מען דאָך טאַקע
געבן אַ לעב אונטער ווי עס געהער צו זײַן„,
שע פּונעס יאַריד I.

אונטערלעדער — די. מצ ווי אצ. 1.
אונטערלאָג, בלייז אין שוך אינעווייניק פּון גאַנץ
דינער לעדער. 2. פּאָדעשווע. צעריסענע א'.
אונטערלעכערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געלעכערט. 1. מאַכן אַ לאָך אָדער לעכער,
אויסבויערן (עפּעס) פּון אונטן. 2. (שוסטערײַ)

מאַכן לעכער מיט דער נאָל אין דער זויל פֿאַר די הילצערנע פֿלעקלעך. 3. וואוילערוש. דורכלעכערן, שטעכן אין אונטערשטן טייל פֿון קערפּער. א, דעם בויך די קישקעס זאָלן אַרויס. 4. וואוילערוש. קאַליע מאַכן דורך שנײַדן, שטעכן, דורכלעכערן. א, זעק תּבֿואה.

אונטערלען — דער, ־ען. 1. אָנלען, אונטערשפּאַר, אָנשפּאַר. קרעפֿטיקונג. „גאָט טוט אָפּ פֿון ירושלים און פֿון יהודה אַן א, און אַן אָנלען. יעטווידער א, פֿון ברויט און יעטווידער א, פֿון וואַסער„, תּי, ישעיה, ג, 1. 2. ספּעצ אָנלען פֿאַרן רוקן אָדער די הענט בײַ אַ (פֿאָטער)שטול.

8,

אונטערלענדיק — אַדי. אַרכ. דזוו אונטערלענענדיק. וואָס מע לענט זיך אָן אויף דעם. „איין אונטער לעהנדיגר שטעקן דר זיך צו ברעכט“, סהמ, יחזקאל, כט, 6.

אונטערלענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערלענען. אָנשפּאַר, מיטל צו קרעפֿטיקן. שפּײַז. „זי זײַן גווען אונטר ליינונג, איין רור [= ראָר, שטעקל], צו גזינד

ישׂראל,,, טח, וארא, הפֿטרה. ,,איצונדר בּין איך קומן צו פֿאַר דיר, מיט איין פֿר זיכרונג...אונ, מיט איינר אונטר לענונג...דאשׂ דוא האשׂט פֿאַר זיכרט אין דײַנר תּורה", קהלת שלמה, אַמשט 1744. ,,אַבֿרהם בּרויכט קיין אונטר לענונג, נייארט ער זיך זעלבּשׂט בּיוועגט פֿרום צו זײַן, אבּר נח ע□ר איין אונטר לענונג בּרויכט פֿון גאָט,,, ר, יוסף דאַרמשטאַדט, תּורת משה, קאַרלסרוע 1770. ,,איך וועל צעבּרעכן דאָס א, פֿון בּרויט אין ירושלים", ספֿר יחזקאל, פּירוש עבֿריטײַטש, וואַרשע 1873.

אונטערלענען — טרוו□ לען אונטער, ~ געלענט. 1 .Mhd□: un(le□—leinen. (אין געהויבּענעם לשון) אונטערהאַלטן, צוהאַלטן פֿון אונטן. ,,און משהס הענט זײַנען געוואָרן שווער ...און אַהרן און חור האָבּן אונטערגעלענט זײַנע הענט", תּי, שמות, יז, 12. ,,א, דיך מיט מײַן רעכטער האַנט,,, צור.

2. אונטערשפּאַרן, צוהאַלטן, אָנלענען. מ□I פֿאַרטײַטשט 'והשענו, (בּראשית, יח, □): ,,אונ, זײַט אײַך אונטר ליינן". ,,דער ווײַן שטאָק... בּעדאַרף זײַלן דשׂ מן אין אונטר שטיצן מוז, אונ, דשׂ דאַרף עשׂ ניט דער טאנין בּוים...דען

ער אונטר ליינט...אַנדרן,,, ר, אליקים ש״ץ מק״ק קאמרנא איבּז, שבֿט יהודה, אַמשט 1770. ,,זעץ דיך...די פֿיס דײַנע לען אונטער אויף דעם בּענקעלע״, ממוס, 'אַ גרויע האָר'. ,,ער האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פֿיס, מיר האָבּן אים אונטערגעלענט״, י. טיגער, צדיק און בּעלתּש ובה, לאָנדאָן 1958.

3. שטיצן אין אַ נויט, העלפֿן, פֿאַרזאָרגן. שטענדיק טוו פֿאַר 'סמך', בּאר התּורה, מלל. ,,דר נאָך ווידר אויף גיווכט פֿון זאָרג דען גוט [= גאָט] אונטר לעהנט מיך,,, סהמ. ״איך וואַר אַנטוואַכט דען גאָט אונטר לעהנט מיך״, בּרכת המזון, אַמשט 1723, מצ/ב. דער זעלבּיקער פּסוק אין תּי: ״איך וואַך אויף, ווײַל גאָט לענט מיך אונטער״ [תּהליס, יג, 6]. כאַראַקטעריסטיש וואָרט אין צור, אין תּחינות, אין פֿאַרטײַטשונגען פֿון תּפֿילות. ״גאָט איז אַ העלפֿער, גאָט זאָל א, מײַן לעבּן״, תּחינות ובֿקש ות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון 1798]. ״דען איך, גאָט, וועל שטאַרקן און העלפֿן און א, דיך מיט מײַן רעכטער האַנט״, צור, הפֿטרת לך־לך. ,,לען מיך אונטער, וועל איך געהאָלפֿן ווערן״, חה. געניצט בּײַם סטיליזירן. ,,גאָט לענט אַלע געפֿאַלענע אונטער״, ממוס, שירה. ,,האָט

געבעטן גאָט אַז ער זאָל קענען מענטשן א'", ווײַט II, 'דער איבערגאַנג'.

4. מאַכן קרעפּטיקער, שטאַרקער. „לאָזן מײַנע רייד א, דײַן ה אַ ר ץ", מ, משלי, תּקע"ד, ד, 4. "די ישׂראל וואָס לענען אונטער זייער תּפילה מיט בּרוך", מלרה. „כּדי צו האָבּן מיט וואָס אונטערצולענען זייער ווייך האַרץ אויפֿן

אונטערלעקן

וועג צו אַנטרינונג„, הל. „מיר מאַכן דאָס קניפּל...מיר לענען אונטער אונדזער זכּרון„, מוו, שוואַרצע פּינטעלעך.

5. געבּן שפּײַז (אַ פֿאַרשמאַכטן); שטאַרקן מיט שפּײַז אָדער געטראַנק. טוו פֿאַר ,סעד, — מ t, מלל, בּאר התּורה. *א, דאָס ה אַ ר ץ = עסן אָדער טרינקען אַ בּיסל זיך צו שטאַרקן. > 'וסעדו לבּכם', בּראשית יח, 5 אאַ. „לען אונטער דײַן האַרץ ('סעד לבּך') מיט אַ שטיקל בּרויט", תּי, שופֿטים, יט, 5. „מאָגן מיר געלט אויש בּאָרגן אונזר הרצר אונטר צו...

לענן", עיון, מח/א. „אונטערגעלענט דאָס האַרץ, בּאַקומט ער שטאַרק יצר־הרע אַרויסצוגיין אין דרויסן", ממוס, ווינטשפּ. „האָט זי געהיט די

קימפּעטאָרין מיט עפּעס אונטערצולענען דאָס האַרץ״, וויַיס, 'אין רבינס שטוב'.
6. קריגן עפּעס ווי אַ באַלוינונג. „אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט: 'אשת חן תּתמוך כּבֿוד, (משלי, יא, 16), אַן אשה וואָס האָט חן ביַי איר מאַן ווערט זי אונטערגעלענט מיט כּבֿוד״, לט2 [תּי: „קריגט כּבֿוד„.]
אונטערלענען זיך — → דפּוו. 1. ספּעצ
בּ ▯, דזוו אונטערלענען דאָס האַרץ. ״זיך א, פֿאַר קבלת־שבּת מיט אַ גלעזל טיי״; „[זיך] א, פֿאַר קבלת־שבּת מיט אַ גלעזל מעד״, פּרץ. „ביילע האָט זיך גענומען א, דאָס האַרץ מיט אַפּעטיט״, ממום, ווינטשפּ. 2. זיך שפּיַיזן. „דאָס הונגעריקע פֿערד זאָל באַלד אַראָפּ אין אַ זיַיט און א, זיך מיט פֿרעמדער פּראַצע״, פּרץ, ,דער דין־תּורה,. 3. פֿאַרלאָזן זיך; שטיצן זיך. „ער קענט זיך אונטר ליינן אויף זיַין פֿר שטאַנד״, בּע, ה/א.
אונטערלענער — דער. מצ ווי אצ. אַרכ.
1. טוו פֿאַר ,משעין', ספּעצ ווען עס באַציט זיך צו גאָט. ״גוט וואַר צו איין אונטר לעהנר צו מיר„, סהמ, תּהלים, יח, 19. „דו ביסט אַ העלפֿער און אַן א, צו די וואָס טוען געשווינד דיַינע מצוות״, מלרה. „גאָט זאָל זיַין צו אַן א,

צו דעם מליץ ער זאָל גובֿר זײַן דעם שׂטן“,
קרבּן אַהרן, ווילנע 1867. 2. שטיצער בּכלל.
„דיא אונטער לײנר דיא דא אונטר ליינן די
לומדים אונ, מאַכין דז זיא קענין לערנין“, נצו1,
ה/ד. „זיי ווערן פֿאַלן, די א, פֿון מצרים“,
ספֿר יחזקאל, וואַרשע 1873.
אונטערלעצל — דאָס, ־עך. (שנײַדערײַ)
לאַץ אויבּן בײַ די הויזן פֿרגל אייבּערלעצל.
.
אונטערלעקן — טרוו. לעק אונטער, ~
געלעקט. 1. לעקן פֿון אונטן. לעקן מיט דער
צונג עפּעס וואָס איז פֿאַרגאָסן אָדער
אויסגעגאָסן. „די קאַץ לעקט אונטער די סמעטענע פֿון
דער פּאָדלאָגע“. 2. (מיט בּיטול) שטאַרק
חנפֿענען. א, עמעצן [דאַטיוו. דורכגעלאָזן: דעם
הינטן]. “חנפֿענען זיי דעם פּראָסטן און לעקן
אים אונטער — איר זאָלט מיר מוחל זײַן...„,
הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בּית לוי,
קעשענעוו 1934. מיט ז י ך — 1. דזוו בּ2, נאָר
נאָך בּולטער און מיט מער בּיטול. א, זיך
ווי אַ הונט. א, זיך און ווידער ווערן חבֿר.
2. דזוו בּאַלעקן זיך. „אַ צעפּוקעניש די
שׂונאים! — מאַכט מלכּה־טויבּע, אונטערלעקנדיק
זיך„, ממוס, ווינטשפּ.

אונטערלעקער

אונטערלעקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

ווער עס לעקט זיך אונטער, ווער עס חנפֿעט

אונטער און דערנידעריקט זיך דערבײַ. „,

קריכערס, א'ס זײַט איר“, ממוס, קליאַטשע. „,איז

אַרויסגעשפּרונגען אַ ייִנגל, דעם רבּינס א, און

האָט אויף מיר עדות געזאָגט“, זאבֿ הלוי, דער

רבּי קלמן סענדערט, באַרדיטשעוו 1906. „,בּיסט

ניט קיין נאַש בּראַט...בּיסט בּײַ זיי אַן א,

בּיסטו, כאָטש דו האָרעוועסט ווי אַ פֿערד“, בּערג,

בּײַם דניעפּער I. —ערײַ — „,זוכט מען זיך

אַרויפֿצוכאַפּן דורך חניפֿה און א'“, בּ

פֿײַגענ— — .

בּוים איבּז, א. בּעבּעל, די פֿרוי און דער

סאָציאַליזם. ־יש — אַדי.

אונטערלערנען — טרוו. לערן אונטער, ~

געלערנט. 1. צולערנען, צוּווײַזן. א, דעם יתום

א פֿאַך. א אַ בּיסל מאַטעמאַטיק. 2. לערנען,

,

- ▯

זײַן אַ לערער צו בּיסלעך, ניט תּמיד. א, מיט

תּלמידים מאַטעמאַטיק. אַרבּעטן אין שאַפּ און
א, צו בּיסלעך. 3. לערנען אַליין צו בּיסלעך,
נאָר פֿון צײַט צו צײַט. אויך: אָן אַ סדר, אָן
אַ פּראָגראַם. פּטרן אַ האַלבּן טאָג און
דערנאָך א, אַ בּיסל גמרא. 4. וואוילױנגעריש.
דזוו אָנלערנען. איך וועל אים א', אָנרײַבּן אַ
מאָרדע. מיט ז י ך — 1. רעפֿל. 2.
צולערנען זיך. „אַ קורצער אַרבּעטסטאָג...גיט דעם
אַרבּעטער די מעגלעכקייט זיך
אונטערצולערנען, צו אַנטוויקלען זיך“, וואָס ווילן די
סאָציאַלדעמאָקראַטן, זשענעוו 1899.
־ונג. ־עכ ן. ־ער. ־ערײַ.
אונטערלערער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
געהילפֿס־לערער; לערער וואָס איז אונטער אַ
הויפּטלערער. ווער עס לערנט אונטער עמעצן.
„דער גרעסטער לערער דאַרף זיך ניט שעמען
מיט דעם א'. איין גורל האָבּן אַלע גלײַך„,
קמ, 48 1866, No.
לאָשן. 1. לעשן צו בּיסלעך, ניט ג .
צואונטערלעשן
אײַלט.
— טרוו. לעש אונטער, ~

געא, די שׂריפֿה מיט עמערס און פֿענדלעך.
גיסן וואַסער אונטן. א, קאַלך. 3. שטילן דעם
דאָרשט. א, דעם דאָרשט מיט קאַלטן קוואַס.
4. אײַנשטילן אַ מחלוקת. א, די געמיטער אויף
דער צעהיצטער אַסיפֿה ־עניש.

.

אונטערלצעוו — [...לעצע
ען

1. אָפּשפּעטן צו
וועןֿ] אוטוו.
לצעווע אונטער, ~געלצעוועט.

.

ביסלעך, ניט שאַרף. א, פֿון דעם בייזן שמש.
2. שפּילן אַ ביסל די ראָלע פֿון אַ לץ. א,
בײַ אַן ערנסטער ראָלע.
אונטערלקהענען — [...לאַקכענען] טרוו. ←
אונטערלאַטכענען.
אונטערמאַגאַזינער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע,
־ס. געהילף פֿון מאַגאַזינער; צווייטער
אויפזעער איבער אַ גרעסערן לאַגער פֿון סחורות.
ספּעצ געהילף פֿון דעם וואָס האָט די השגחה
איבער די פּראָדוקטן אויף אַ שיף אָדער אין
אַ מיליטערישן אָפּטייל. "וויפֿל מענטשן עס
באַשעפֿטיקן זיך דאָרטן, דער איז מאַגאַזינער,

דער — א'", טאָדריס אַ וואויל בחורל, וואַרשע 1884.

אונטערמאָגן — דער, ־ס. 1. אונטערשטער טייל פֿון מאָגן (בײַם מענטשן), בײַם אויסבייג

749

פֿון דער 12־פֿינגער־קישקע. 2. נידעריקסטער מאָגן בײַ אַ קו.

אונטערמאָגרדריז — די, ־ן. (בײַ מענטשן און בעלי־חיים) דריז אונטערן מאָגן, וואָס גיסט אַרײַן איר פֿליסיקייט אין די געדערים און העלפֿט צו פֿאַרדײַען פֿעטס. פּאַנקרעאַס. „די דינע קישקע [בײַ אַ פֿראָש] איז איבערגעצויגן מיט אַ דין דורכזיכטיק הײַטל; אויפֿן דאָז□קן הײַטל, צווישן מאָגן און קישקע, ליגט אויסגעצויגן די לענגעכיקע א'־ד'", יאַכ. אויך: בויכשפּײַעכץ־דריז.

אונטערמאָגערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געמאָגערט. צו ביסלעך מאַכן מאָגער(ער), דאַרער. "איר פֿיגור האָט מען אויך אונטערגעמאָגערט", בצג, טמז, 27 X 1963. מיט ז י ך — בכּיוון זיך צערן. א, זיך און פֿאַרלירן אַ פּאָר פֿונט ־ונג.

.

־ניש.

אונטערמאָזלען — אוטוו. ־זל אונטער, ~ געמאָזלט. דזוו מאָזלען, אָבער אויף אַ לײַכטן אופֿן. „מײַן זונעלען האָט זיך פֿאַרוואָלט א', קען איך איצט ניט אַוועקפֿאָרן„. פּב.

אונטערמאַטערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~ געמאַטערט. מאַטערן, מוטשען לײַכט. מאַכן עמעצן אַ ביסל לײַדן פֿון צײַט צו צײַט. מאַכן אַז מע זאָל דאַרפֿן זיך אָנשטרענגען. א, די שילערס מיט שווערע אויפֿגאַבעס. א, מיט די זעלביקע רייד, ווילדע ניטן אאַזוו. מיט ז י ך — אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט זיך מאַטערן. א, זיך בײַ אַן אַרבעט, איבער דער מאָגערער חיונה. א, זיך מיט שווערער עבֿרי. א, זיך בײַם אַרויסרעדן אינאָסטראַנע ווערטער. ־ניש.

אונטערמאַכן — טרוו. מאַך אונטער, ~ געמאַכט. 1. מאַכן אַ צייכן אונטער עפּעס. א, סימנים בײַ געהילץ. *א, די אויגן = א) צופֿאַרבן אַ ביסל אונטער די אויגן (מיט בלויער אָדער שוואַרצער שמינקע פֿאַר שיינקייט

ווע ,

גן); ב) מאַכן בלויע צייכנס אונטער די אויגן (בײַ אַ געשלעג). 2. צומאַכן, צוגעבן,

צואַרבעטן פֿון אונטן; מאַכן עס זאָל ווערן מער. א אַ פּיסל צום טיש. „נאָך אַ ביסל א, —

'

און די אַרבעט וועט זײַן געענדיקט„, רייד. *א, געלט = פֿאַרדינען צו ביסלעך געלט. *א, זאָקן = צואַרבעטן סטופּניעס צו אַלטע זאָקן.

3. מאַכן קירצער, קלענער. אונטערבייגן. אונטערשנײַדן. אונטערשערן. א, די קאַפּאָטע. א, אַן אונטערקלייד. א, די באָרד. 4. טאָן עפּעס ווי א צוגרייטונג פֿאַר אַ ווײַטערדיקן אַרבעטפּראָצעס. א, פּעל. א, פֿלאַקס פֿאַרן קעמען. א, ווייץ פֿאַרן מאָלן. „קלײַבן אָדער א, די ווייץ און זיי מאָלן און זיפּן די מעל, און מצות קנעטן און באַקן, — איטלעכע זאַך ווערט גערעכנט צו אַ באַזונדערע מצווה", קה, סודילקאָוו 1821.

5. אָפּנאַרן, אָפּטאָן [מיט דאַטיוו פֿון פּערזאָן וואָס לײַדט]. א, אַ יאָלד און אים אַרײַנרוקן פֿאַלשע דאָלאַרן. *א, איר אַ ממזר = וואוילִיונגעריש. שוואַנגער מאַכן. *א, אַ געשטאַנק (אַן עיפּוש) = אויך. פֿאַרשפּרייטן אַ —

.

רכילות, אויסטראַכטן אַ בלבול אע.

אונטערמאָסט(י)ען

6. טאָן נאַטירלעכע באַדערפֿעניש אונטער זיך. א, ווי אַן עופֿעלע אין וויגל. דאָס קינד האָט אים אונטערגעמאַכט אין שויס. 7. דזוו נאָכמאַכן. א אַ חתימה. א אַ שליסל. א, געלט.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־עריַי.

אונטערמאַכן זיך — ← דפֿוו. 1. דריטפּע זאָניק. פֿון זיך (אָן אָנוויַיז אויף אַ סיבה), ווערן עפּעס פֿון אונטן. „זע, עס האָט זיך מיר אונטערגעמאַכט אַ פּרישטש„. רייד. 2. צופֿעליק אונטערקומען, ס'ווענט זיך א אַ קונה.

3. אונטערחנפֿענען זיך. געווינען דעם צוטרוי. א, זיך צום פּריץ, צום בעל־הבית. 4. דזוו אונטערמאַכן, ב6. 5. (שפּאַסיק, גראָבלעך) זיך אונטערשריַיבן.

אונטערמאַליעווען — טרוו. ־ליעווע אונטער, ~געמאַליעוועט. 1. פֿאַרבן, מאָלן (סופֿיט, ווענט) אַ ביסל, ניט גרינטלעך. א, די שטוב ערבֿ פּסח. 2. מאַליעווען פֿוו אונטן. א, די

טרעפּ. 3. אונטערפּוצן מיט שמינקע. א, דאָס
שיינע פּנימל, די אויגן.
אונטע   לן 1 — טרוו. מאָל אונטער, ~
געמאָלט [וועגן ~געמאָלן ← אויסמאָלן 1 .I].
מאָלן, צייכענען, פֿאַרבן פֿון צײַט צו צײַט. א,
אין אַ פֿרײַען טאָג. 2. צומאָלן אַ ביסל.
מאָלן פֿון אונטן. א, אַ גיט־פֿאַרענדיקט בילד.
3. פּרוּוון פֿאַרענדיקן, דערגאַנצן אַ שילדערו
אָדער געבן בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן. „א,
מוזיקאַליש דאָס מיליע“, דר, מיכאל ווייכערט,
דרוס־אַפֿריקע, No 170 ־ונג. ־עכץ.
.
־עניש. ־ערײַ.
אונטערמאָלן 11 — טרוו. מאָל אונטער,
~געמאָלט & ~געמאָלו. 1. מאָלן, צעמאָלן
קערנער אויף אַ לײַכטן אופֿן, ניט אויף דיו.
א, קערנער אויף גרעבלעכע גרויפּן. 2. מאָלן
(מיט אַ מיל, מילכל) פֿון צײַט צו צײַט. א,
נאָר ווען אַ פּויער קומט מיט אַ זעקל תּבֿואה.
־עכ ן. ־עניש.
אונטערמאָנען — טרוו. מאָן אונטער, ~
געמאָנט. 1. מאָנען (אַ חובֿ) אויף אַ לײַכטן
אופֿן, ניט־צודרינגלעך. א אַ פֿאַרפֿאַלענעם
גמי,

לת־חסד. 2. אונטערהאַלטן בײַם מאָנען. „דו
טעלעפֿאָניר אים און איך וועל א, מיט אַ
בריוול", רייד. ־עכץ. ־עניש.
אונטערמאַנצלען — אוטוו. ־צל אונטער,
~געמאַנצלט. וורר. 1. כיטרעווען צו
ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, און זיך מאַכן
אומפֿרײַנד. 2 פֿון צײַט צו צײַט בעטלען,
שנאָ.
רן. זיך פֿוילן צו אַרבעטן און א'.
אונטערמאָס — די, ־ן. קלענערע מאָס,
ווייניקער ווי ס'איז אײַנגעשטעלט. פֿאַרקויפֿן מיט
אַן א,.
אונטערמאָסט(י)ען — טרוו. ־ט(י)ע
אונטער, ~געמאָסט(י)עט. אונטערלייגן עפּעס צו
מאַכן פֿעסטער אָדער באַקוועמער.
אונטערבעטן. א, דעם וואָגן מיט ברעטער, מיט אַ סך
שטרוי. מיט ז י ך — אײַנאָרדענען,
געפֿינען פֿאַר זיך אַן אָרט פֿון אונטן אָדער
אונטער עפּעס. א, זיך אונטערן פּעקעליק און
אײַנשלאָפֿן.

אונטערמאָצעווען

אתטערמאָצעווען — טרוו. ־צעווע אונטער,

~געמאָצעוועט. אונטערפֿעסטיקן, צושלאָגן, צוקלאַפּן עפּעס פֿון אונטן (צו מאַכן פֿעסטער, שטאַרקער). א, דעם פּלויט וואָס האַלט בײַם אײַנפֿאַלן. מיט ז י ך — 1. קזוו — זיך ראַנגלען. גוטברודעריש זיך פֿאַרמעסטן. אויספּרובירן די כּוחות. 2. זיך שטאַרקן. א, זיך מיט אַ האַלבּ גענדזל.

אונטערמאָרדע — די, ־ס. (אומאיידל) פּעט(לעכ)ער, אַראָפּהענגענדיקער טייל אונטערן קין. אונטערשטער טייל פֿון אַ טאָפּעלער מאָרדע. בּולטער גוידער. אַ פּרצוף מיט אַן א'.

אונטערמאַרודען, ~מאַרודזיען, ~ מאַרודזשען — אוטוו. ־דע, ־דזיע, ־דזשע אונטער, ~געמאַרודעט, ־דזיעט, ־דזשעט פֿון

.

צײַט צו צײַט טאָן אַן אַרבּעט צו פּאַמעלעך, אָן חשק. א, און ניט פֿאַרטיק מאַכן דעם גאַרניטער אויף יום־טובֿ.

אונטער מאַרמער — אַדוו פֿראַזע. עס זאָל כאַפּן דעם אָנבּליק, עס זאָל אויסזען אַזוי ווי מאַרמער, מירמלשטיין. מאָלן די ווענט א, מ'. פֿרגל אויסמערמירן.

אונטערמאַרעוויכערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~(גע)מאַרעוויכערט. פֿון צײַט צו צײַט,

צו בּיסלעך מאַרעוויכערן, שווינדלען,
פֿעלשעוועןבּײַם האַנדלען, בּײַ אַ מגע־ומשׂא. "פֿלעגט
אויך צו בּיסלעך א,,, פּ. רודאָי, טמז, 1963
.12
אונטערמאָרען — טרוו. ־רע אונטער, ~
געמאָרעט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
מאָרען, מאַטערן, מוטשען דורך געבּן שפּײַז
ווייניקער ווי נייטיק אָדער צווינגען אַרבּעטן
איבּער די כּוחות. א, די געזעלן, די קינדער,
די שקלאַפֿן. ־עניש.
אונטערמאָרען זיך — ← דפֿוו, רעפֿל.
אָפּצערן. ניט דערעסן, ניט דערשלאָפֿן כּדי זיך
מאַכן מאָגערער, שוואַכער צו בּיסלעך, בּמשך
אַ צײַט. [אויף אַזאַ אופֿן האָבּן טייל
יונגעלײַט אין צאַרישן רוסלאַנד זיך געטיט
בּאַפֿרײַט צו ווערן פֿון דינען אין מיליטער]
,,א, זיך אַ פּאָר חדשים פֿאַרן פּריזיוו און
בּאַקומען אַ ווײַסן בּילעט", רייד.
אונטערמאַרקירן — טרוו. ־קיר אונטער,
~(גע)מאַרקירט. 1. אונטערצייכעגען.
מאַרקירן, מאַכן אַ צייכן פֿון אונטן. א, די פּרײַזן.
2. (אַקטיאָריש) בּײַם רעפּעטירן זאָגן בּלויז
די ווערטער וואָס זײַנען נייטיק פֿאַרן
מיטשפּילער און אײַנשלינגען די אַנדערע.

אונטערמאַרשירן — אוטוו. ־שיר אונטער, ~(גע)מאַרשירט. 1. נאָך אַ ביסל מאַרשירן, מיטגיין אין אַ געשלאָסענער ריי. א, מיט דער דעמאָנסטראַציע ביזן ראָטהויז. 2. האַסטיק און זעלנעריש צוגיין.

אונטערמאַשענעווען — טרוו. ־נעווע אונטער, ~(גע)מאַשענעוועט. פֿון צײַט צו צײַט מאַשענעווען, אָפּנאַרן, אונטערשווינדלען. אונטערזשוליקן. א, דעם אייגענעם ברודער.

אונטערמוהלן — [...מוי'(ה)עלן] טרוו. מוהל אונטער, ~געמוהלט. גראָב. קירצער מאַכן, אַוועקשנײַדן פֿון אונטן, אונטערשנײַדן. „אַזאַ

750

לאַנגער (דראָנג), מע וואָלט אים באַדאַרפֿט אַ ביסל א',.. א אַן אַרטיקל.

אונטערמוטיקן — טרוו. ־טיק אונטער, ~ געמוטיקט פֿון צײַט צו צײַט צוגעבן מוט, מונטערקייט; אַ ביסל אויפֿמוטיקן ←. „[האָט] אונטערגעמוטיקט...און מיט לעבעדיקע טריט גיי איבערן שטראָז“, נאַד. ־ונג.

אונטערמוטשען — טרוו. ־טשע אונטער,
~געמוטשעט. אונטערפּײַניקן,
אונטערמאַטערן. א, קינדער, בעלי־חיים. א, דעם עולם מיט
אַ נודנער דרשה.
אונטערמוטשען זיך — ← דפּוו. לײַדן,
בידעווען פֿון צײַט צו צײַט אָדער במשך אַ
צײַט. א, זיך און דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן
ציל. זיך א, מיט דער מאָגערער פּרנסה.
—עניש.
אונטערמויל — דאָס, ~מײַלער. טייל פּנים
אונטערן מויל (איידעלער ווי מאָרדע). „די
זאַפֿט איז גערונען איבער די פֿריש־געגאָלטע
אונטערמײַלער„, בערג, אָפּגאַנג. א'־ב י י ן —
אונטערשטער קינביין. א'־ג י ל אָדער ־ ד ר י ז.
אונטערמויערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געמויערט. 1. אונטערבויען. באַפֿעסטיקן מיט
ציגל, שטיינער. א, דעם פֿונדאַמענט. 2.
מויערן פֿון אונטן; באַפֿעסטיקן מיט בוי־
מאַטעריאַל אַ מויער(וואַנט) וואָס האַלט אין
אײַנפֿאַלן. א, די אַלטע באָד פֿאָרשלאָג
אונטער. „
צומויערן די וואַקלדיקע געבײַדע“, ב.
פֿײַגענבוים איבז, א. בעבעל, די פֿרןי און דער

סאָציאַליזס. 3. פֿיג. אונטערפֿעסטיקן, שטאַרקער מאַכן. א אַ באַשולדיקונג. א, די פּראָגראַם

,

מיט נײַע טעאָרעטישע הנחות. א, דעם וואַקלדיקן מוט. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אונטערמוליען — טרוו. ־ליע אונטער, ~ געמוליעט. דזוו אויסמוליען ←.

אונטע   לירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~(גע)־ מולירט. לר. אונטערפֿעלשעווען, אויסנאַרן, באַשווינדלען, בלאָפֿן צו ביסלעך. א, וואו עס לאָזט זיך אַ פּאָר קערבלעך און זיי פֿאַרהוליען. „קענסטו א, — ווערסטו ניט פֿאַרלירן„, פֿוול ־ער. ־ערײַ.

.

אונטערמומלען — אוטוו & טרוו. ־מל אונטער, ~געמומלט. אונטערמורמלען, אונטערשעפּטשען. א, אומקלאָרע ענטפֿערס. א, אויפֿן גבֿירס טאָכטער. „אַנדערע האָבן אונטערגעמומלט אַז דער יונגערמאַן האָט גאָר געמאַכט עפּעס אַ מליצה־ספֿרל“, קמ, 43 1867, No. “אײַער מאָשקע זאָל לעבן איז ווערט אַ פֿײַנע כּלה, אײַ וואָס זיי מומלען אונטער אויף אים, זאָלט איר מער קיין דאגה ניט האָבן“, ש. וואָלצענאָק, דער באַקאַנטער דאָקטאָר, וואַרשע

1882. ־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.

אונטערמונטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געמונטערט. צוגעבּן חשק, קוראַזש. מאַכן מונטער(ער), אונטערמוטיקן. א, אַ פֿאַראומערטן פֿרײַנד. „האָט דעם רעדנער ' אונטערגעמונטערט', אַז ער זאָל שנעלער פֿאַרענדיקן זײַנע חכמות“, ד. פֿלינקער, טמז, 1965 ׳י28 I. מיט ז י ך. „די פֿאַבּזאַװוקאָמען פֿון װײַסרוסלאַנד און אוקראַאינע מוזן זיך א',,, גאַרבּער שטימע, מאָסקװע 4 1924, No־5. ־ונג.

אונטערמיאוסן

אונטערמוסרן — [...מוסערן] טרוו. מוסר אונטער, ~געמוסרט. פֿירהאַלטן, אויסריידן ניט שטרענג, אײַנגעהאַלטן. מוסרן פֿון צײַט צו צײַט. א, די טומלמאַכערס אין פּאָליש.

אונטערמוקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געמוקעט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מו־מו. א, ווי די מורע קו פֿאַרן מעלקן ־עכ׳ן ־עניש.

. .

אונטערמורמלען — אוטוו & טרוו. ־מל אונטער, ~געמורמלט. 1. עפּעס אַרויסזאָגן

(איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל) אומקלאָר. אוגטערשעפּטשען. א אַן ענטפֿער, די ברכה.

,

א אַשרי. ,,דאָס לעבן, האָט זי שטיל
און,
טערגעמורמלט, איז אַלעמאָל מער
אויסטערליש ווי די רײַכסטע פֿאַנטאַזיע“, הרבֿ
העפֿטערמאַן פֿאָך, 1963 26.

,

2. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט (שטיל)
אויסדריקן אומצופֿרידנקייט (מיט עמעצן, מיט
עפּעס). ,,האָט דער לעצטער אָנגעהויבן צו א':
,עפּעס ניט גוט, ניט געשמאַק,,,, סאָלאָמאָן
וואָיאַזשאָר, אַ שלוס...אין סאַלאַמאַנייעווקע,
סלוצק 1911. ,,חסידים האָבן אָנגעהויבן א,
אַז דער נאָמען פֿונעם בית־המדרש דאַרף
אומגעביטן ווערן פֿון 'סאַווראַניער, אויף '
סקווירער',,, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי,
קעשענעוו 1934.
3. רעדן צו ביסלעך שלעכטס וועגן
עמעצן, (שטיל) טרײַבן רכילות. א, וועגן דער שכנה
אַז זי איז אומטרײַ דעם מאַן. ,,האָט מען דאָס
פּאָרל געגומען אין די מײַלער און מע האָט
אָנגעהויבן אונטערצומורמלען“, שע, פֿון

כתרילעווקע. „די אַלטע ווײַבער האָבן שטאַרק אונטערגעמודמלט, אַז ער מוז האָבו עסקים מיט די ניט־גוטע„. דער נײַער גײַסט, 10, נ„י 1898. 4. רעדן בש?.קה. א, אַז עס גרייט זיך אַן איבערקערעניש. אויך מיט ז י ך.
־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.

אונטערמורקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געמורקעט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מור־מור. א, ווי אַ קאַץ וואָס קריגט אַ גלעט. ־עכץ. ־עניש.

אונטערמושטירן — טרוו. ־טיר אונטער, ~(גע)מושטירט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט לערנען (זעלנערס) מאַרשירן אין דער ריי, שיסן אדגל; אונטערלערנען פֿאָלגן באַפֿעלן, דיסציפּלינירן, דרעסירן. „נאָך אַ ביסל א, און זיי וועלן ווערן גוטע זעלנערס“. א, דעם מאַן, די קינדער. ־ונג.

אונטערמהותנען זיך — [...מעכו'טענען] אוטוו. מחותּן זיך אונטער, זיך ~געמחותּנט. פּרוּוון ווערן נאָענט מיט אַ יחיד אָדער מיט אַ גרופּע דורך חניפֿה, גלאַטע ריידעלעך; ווערן אַ שמעלקע. „געקומען אַ ווילד־פֿרעמדער און זיך צעלייגט ווי בײַם טאַטן אין

ווײַנגאָרטן, ווײַל ער קען די מלאָכה פֿון א, זיך“, רייד.

אונטערמיאוסן — [...מיִעסן] טרוו. מיאוס אונטער, ~געמיאוסט. פֿאַרמיאוסן. „די שוויגער מיאוסט איר אונטער דאָס לעבן“, רייד. א אַ שידוך.

,

אונטערמיאוסן זיך

אונטערמיאוסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. עקלען זיך אַ ביסל; פֿילן צו עמעצן אָדער עפּעס אַ לײַכטן ווידערווילן. א, זיך צו טאָן אַזאַ שמוציקע אַרבעט.

אונטערמיאַוקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~געמיאַוקעט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אַרויסברענגען די קלאַנגען (ענלעכע צו) מיאַומיאַו. א, ווי אַ הונגעריקע קאַץ. ־עכץ. ־עניש.

אונטערמיטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך אונטער, זיך ~געמיטלט. 1. ווי ניט איז, קוימקוים אויסקומען. זיך א, מיט ווייניק געלט, מיט ווייניק שפּײַז. „זיך געהאָדעוועט אין דחקות און זיך אויסגעלערנט א, זיך מיט קליינע

פֿאַרדינסטן,,, רייד. 2. זיך שאַפֿן, זיך לאָזן
באַדינען. זיך א, מיטן אַלטן טאַטן, מיטן יתום.
אונטערמיטשען — אוטוו. ־טשע אונטער,
~געמיטשעט. דזוו אונטערמוקען. א, ווי אַן
אָקס. ־עניש.
אונטערמי מען — [...מאַ'ייִמען] טרוו. מייִם
אונטער, ~געמייִמט. (אין פֿאַרשטעלטן לשון)
צוגעבן אַ ביסל וואַסער (מייִם) צו אָ
שאַרפֿער משקה (ווײַן, בראָנפֿן) אָדער צו מילך.
א, דעם אָקעוויט.
אונטערמיין — דער, ־ען. ניט קייו פֿולער
מיין, בלויז אַן אָנצוהערעניש. זײַטיקער מיין.
,,פּונקט ווי דער אָלרײַט, האָט 'יופֿי', [אין
ישׂראלדיקן מאַסן־העבֿרעאיש] פֿאַרשיידענע מיין־
ניואַנסן, מיינען, א'ען און אייבערמיינען,,, צײַט,
טמז, 29 XI 1963.
אונטערמײַסטער — דער, ־ס. ווג ־קע, ־ס.
געהילף פֿון מײַסטער (אין אַ גרויסן
וואַרשטאַט). דער א, איז ערגער צו די אַרבעטער
ווי דער הויפּטמײַסטער.
אונטערמײַסטערן, ~מײַסטערעווען —
אוטוו טרוו. ־ער אונטער, ־רעווע אונטער;
~געמײַסטערט, ~געמײַסטערעוועט. מײַסטערן,
טאָן אַ מלאָכה ניט כסדר, פֿון צײַט צו צײַט.

א, פּאָליצעס פֿאַר די ביכער. א, ווען עס פֿאַלט
אַרײַן אַ שטיקל אַרבעט. א, און קאַליע מאַכן.
אונטערמייקענען — ־קע אונטער, ~
גמייקעט (~געמייקנט). ▯ אויסמייקע(נע)ן ▯]
אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעבן,
אויסברעכן וואָס מע האָט געגעסן. ,,זיך אָנגעגעסן ווי
אַ זולל־וסובֿא און די גאַנצע נאָכט
אונטערגעמייקנט,,, רייד. טרוו — מאַכן עמעצן אָדער
עפּעס מיאוס. א, דעם עסק, דאָס געשעפֿט,
די שותּפֿות.
אונטערמיליעווען — טרוו. ־ליעווע אונטער,
~געמיליעוועט. מג, פּאָד. אונטערשווענקען.
,,אַז עס וועט רעגענען זאָל דאָס וואַסער גיט
א, די וואַנט,,, רייד.
אונטערמין — דער, ־ים. אונטערגרופּע פֿון
אַ מין. בײַמין. ,,דער גאָלדפֿיש...פֿון כינע איז
אַ קינסטלעך אויסגעהאָדעוועטער א, פֿון
אונדזער קאַרוש,,, דר, איסעל איבז, אָטאָ שמײַל,
זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924. ,,דער צד־השווה אין
די אַלע מינים און א'ים פֿון ייִדן־
פֿרעסערײַ▯ איז דאָס, וואָס איז שוין לאַנג

אויסגע1▯,

דריקט געוואָרן אין די דרײַ ווערטער: לכו
ונכחידם מגוי,,, צײַט, טמז, 13 4▯19 XI.
אונטערמינטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געמינטערט. 1. אונטערהעלפֿן בײַם מינטערן
אַ געחלשטן. *א, מיט חלשות־טראָפּנס = אויך
איר. 2. אונטעריאָגן, אונטעראײַלן,
צוגעבן חשק עפּעס צו טאָן. ‘‘אַפֿילו אַריה האָט
איר [= זי] אונטערגעמינטערט נאָך פֿון
פֿרײַטיק: זאָלן זיי עסן...,,, משה טײַטש איבֿז,
ח. נ. בּ אַליק, אַריה בעל־גוף. 3. דזוו
אונטערי
מונטערן (←.). ־ונג. ־ניש.
אונטערמינימאַל — אַדי. וואָס איז נאָו
ווייניקער ווי מינימאַל. א'ע שׂכירות. ,,לערערס
האָבן זיך באַקלאָגט אויף די א'ע
באַדינגונגען,,, טמז, 1965 ▯ 12.
אונטערמינירן, ~מינעווען — טרוו. ־ניר,
־נעווע אונטער; ~(גע)מינירט, ~געמינעוועט.
אַרכ ~מינען. 1. אונטערלייגן (און
פֿאַרשיטן) מינע, דינאַמיט, פּולווער (עס זאָל
שאַפֿן אַן אויפֿרײַס און אָנטאָן שאָדן). א, אַ
פֿעלד. א אַ פֿעסטונג. א אַ האַוון. ,,אַראַבישע
, ,

אַרײַנדרינגערס קענען אונטערמינירן
גרענעצװועגן אין מדינת ישׂראל,,. ,,דיא [פֿעסטע
טורעמס] האבּן זיא ניט גקענט אום רײַסן אונ,
אַך ניט פֿאַר בּרענין, דיא האבּן זיא גמושׂט
מיט בּולבֿר [= פּולווע▯] אונטרמינה“, 'איין נײַא
קלאָגליד פֿון חורבּן וורמײַשׂא', אַמשט 1723
[פֿש III]. ,,מע וויל וויניקסטנס אונטערמינירן
פּוילן און אויסשיסן אין דער לופֿט...,,, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.
2. פֿיג. צעשטערן, שעדיקן אויף אַן
אומדירעקטן אופֿן, מיט פֿאַרמאַסקירטע מיטלען.
אונטערגראָבּן. א, די אָפּאָזיציע. ,,דער צלם
האָט די גאַנצע צײַט ניט אויפֿגעהערט צו
זוכן מיטלען ווי אונטערצומינעווען די
קאָנסטיטוציע“, מר I▯י, נ,,י 1910. “יעדע
געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג...קען אונטערמינירט ווערן
דורך
בּאַהאַלטענע אַנטיסעמיטישע בּאָמבּעס“, לע,
טמז, 15 1964 III. ,,האָט די גאַנצע צײַט
געהאַלטן אין אונטערמינעווען דעם מעגלעכן
צוטרוי,,, ד. ל. מעקלעך, טמז, 1 1964 XI. ,,
אומצאָליקע ראָמאַנען...גלאַט בּיכער האָבּן
אונסערמינירט דעם בּאַגריף פֿון צניעות און אַפֿילו

טרײַהייט,,, באַש, פּאָר, 5 1964 XI. ־
מינירונג. ־מינידער.
אונטערמיסטיקן — טרוו. ־טיק אונטער, ~
געמיסטיקט. 1. מאַכן אומריין, אָנמיסטיקן צו
ביסלעך. א, ווי אַ שיכּור אין שענק. 2. (
אַגריקולסור) באַמיסטיקן, פֿערטיליזירן אַ ביסל,
ניט וויפּל מע דאַרף. א, פֿעלדער. 3. פֿיג.
אָנווענדן שמוציקע מיטלען אין
געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. א, אַ וואַל־קאַמפּאַניע. ־ונג.
אונטערמישן — טרוו. מיש אונטער, ~
געמישט. 1. אַ ביסל מישן, דורכמישן. ,,אויך
מאָג מען [אום שבּ] אַרײַנגיסן ווײַן אָדער
עסיק אין אַ שיסל...און מאָג עס א, מיטן
פֿינגער", לט2, סו/א. 2. צומישן, צושיטן,
צוגיסן בשתּיקה. א, וואַסער צום בראָנפֿן, צום
ווײַן. א, פֿלאַקס צו וואָל. א, סם. 3. צו
ביסלעך צומישן עפּעס שעדלעכס. א, גיפֿט, סם,
ביטערניש אין באַציאונגען צווישן מענטשן.

אונטערמסרן

,,טראָגט דשׂ מת הין וועק פֿון דיא כּלה דשׂ
ניט אונטר מוישן זאָל דיא ורייד,,, טח, ויקרא
ו, 4.

מיט ז י ך — 1. אַרכ. מישן זיך, אויסמישן זיך. ,,דו בישׂט וואַל ווירדיג אונ, צימליך בישׂטו, וויא ווילשׂטו דיך אונטר מישן צו דיא הערשאַפֿט,,, (טײַטש פֿון) 'אַקדמות', פֿירט 1694. 2. אַרײַנמישן זיך. ,,איך וועל ניט לאָזן, איר זאָלט זיך א, אין מײַנע עסקים,,, דייד.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערמלאָכה(נע)ן — ◌...מעלאָ'כע(נע)ח אוטוו & טרוו. מלאָכה אונטער, ~געמלאָכהט. 1. טאָן אַ מלאָכה ניט תּמיד, פֿון צײַט צו צײַט. אונטעראַרבעטן. אונטערמײַסטערן. א, פֿאַר (אונטער) אַ יום־טובֿ. 2. טאָן אַן אַרבעט שלעכט, ניט־געראָטן. ,,אַ פּאַרטאַטש, זעט וואָס ער האָט דאָ אונטערגעמלאָכהט,,, רייד. 3. טאָן בשתּיקה. זײַן כּלומרשט אַ דיפּלאָמאַט און א, מיט שפּיאָנאַזש. 4. אונטערפֿעלשן. א אַ חתימה. 5. במקום־ווערבֿ פֿאַרן טאָן

,

עפּעס וואָס מע וויל ניט דערמאָנען. א, (זיך) אין די הויזן. אויך: אונטערנאַרן, אונטערמסרן אאַ. דאָ אויו מיט ז י ך.

אתטערמלבוש — [...מאַלבוש] — דער, ־ים [...מאַלבושי◌ I. יעדער מין מלבוש וואָס מע

טראָגט אים אונטער אַ צווייטן מלבֿוש. ספּעצ
וואַרעמע אונטערוועש, אַ וואָלן לײַבל אע. „פֿאַר
געס ניט די א'ים איידער דו לאָזסט זיך אין
וועג אַרײַן,„ רייד.

אונטערמלך — [...מיילעך] דער, ־ים [...
מעלאָכי□]. געהילף פֿונעם מלך, שני למלך,
וויצעקעניג. „ער [שבֿתי צבֿ□] טעט אויש טיילן
קינגרײַכן...אַן זײַן גוטי פֿרײַנד, ער מאַכט
אונטער(מלכים) אוו פּרינצן,„ שאַר, קד□כ.

אתטערממז(י)רן — [...מאָ'מזערה טרוו.
ממז(י)ר אונטער, ~געממז(י)רט. 1.
אונטערכיטרעווען, אַרויסקריגן מיט אַ קלוגן אײַנפֿאַל.
א, און לעבֿן אַ גוטן טאָג. 2. בשתיקה
געבֿערו אַן אומגעזעצלעך קינד. „די סאָלדאַטקע
האָט צוויי מאָל אונטערגעממזרט“.

אונטערמסהרן — [...מי'סכערן] אוטוו. מסחר
אונטער, ~געמסחרט. 1. מסחרן, האַנדלען
(מיט עפּעס) אַ ביסל, צו ביסלעך; טאָן מסחר
ווי אַ בײַבאַשעפֿטיקונג. „דאָס גאַנצע שטעטל
האָט אונטערגעמסחרט אין די יאָרן פֿון דער
ערשטער וועלט־מלחמה,„ רייד. 2. האַנדלען
אומערלעך. א, מיט דעם צוטרוי פֿון פֿאָלק.
א, מיט דער פּען. א, מיט דער אונטערוועלט.

אונטערמסרן — [...מאַ'סערן] טרוו. מסר
אונטער, ~געמסרט. דזוו מסרן, מיט איר
בײַטעם. מסרן צו ביסלעך; פֿון צײַט צו צײַט.
"און יענעם אונטערצומסרן איז בײַ אים גאָר
אַ קלייניקייט...", מ. שלײַפֿשטיין, דער
באַנקראַט, וואַרשע 1884. „חוצדעם האָט ער נאָך
באַקומען אויף זיך אַ שווערע דיעלע, ווײַל
עטלעכע גוטע פֿרײַנד האָבן אים
אונטערגעמסרט", ייִפֿאָל, 1886, No 17. מיט ז י ך —
זיך א, מיט אַן אומאָפּגעהיט וואָרט. ־ונג.
־ניש.

אונטערמעבלירן
אונטערמעבלירן — טרוו. ־ליר אונטער,
~מעבלירט. (אויס)מעבלירן מיט ווייניקער
מעבל ווי עס פּאַסט זיך, ווי עס פֿירט זיך.
א, די דירה. „דאָס אויפֿנעם־צימער איז
אונטערמעבלירט", רייד.
אונטערמעלדן — טרוו. מעלד אונטער, ~
געמאָלדן. בשתיקה מעלדן. א, עס דער פּאָליציי.
אונטערמעלקן — טרוו. מעלק אונטער, ~
געמאָלקן, ~געמעלקט. 1. מעלקן (אַ בהמה)
אַ ביסל, ווייניקער וויפֿל נייטיק. מע דאַרף
מעלקן און אויסמעלקן, ניט א'. 2. פֿיג. פֿון

צײַט צו צײַט אַרויסבאַקומען. א, דעם רײַכן קרובֿ און אַרויסקריגן אַ ביסל געלט. א, דעם געהילף פֿון מיניסטער און אַרויסציִען וויכטיקע סודות. ־עכ􏰀ן. ־עניש.

אונטערמענטש — דער, ־ן. 1. מענטש וואָס איז נידעריקער פֿון דעם דורכשניט. „דער א, האָט אָפּאַטאָשון געדינט צו אַנטפּלעקן דעם אונטערגרונט פֿון כאַראַקטער„, ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן... 2. אוממענטש, ווילדער מענטש. „דער א, — האַלבּ־חיה, האַלבּ־מענטש“, ימ, 1938. „דער וואָס גלייבּט ניט אין מחמדן באַלאַנגט צו די א'ן און האָט ניט מער חשיבֿות ווי דער הפֿקר־הונט“, ייִט, טאָג, 1960 20 􏰀II. „דאָס 'נײַע דײַטשלאַנד, פֿון סאַדיסטן, ווצחים, א'ן, אָפּשוים פֿון מענטשלעכן מין„, ה. זײַדמאַן, טמז, 27 1964 III. ־יש — אָדי. 􏰀ישקייט.

אונטערמענטשהייט — די, ־ן. נעאָל. כּלל, סכום פֿון אונטערמענטשן. טייל פֿון דער מענטשהייט וואָס איז אונטערמענטשלעך. „די ייִדישע א, זאָל באַצאָלן פֿאַר די זינד טײַער, אָבער גערעכט“ [בײַם איבערזעצן אַ נאַצישן דאָקומענט], מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

אונטערמענטשלעך — אַדי. וואָס איז ווי
בײַ אַ (האָט דעם כאַראַקטער פֿון)
אונטערמענטש. וואָס איז ערגער ווי די מענטשלעכע
נאַטור. „און טאָמער ווייסן זיי פֿון די
איבערמענטשן א'ע זאַכן...“, ווינטש II □ י. “זײַן
רשעות איז א„ די לײַדן פֿון זײַנע קרבנות
איבערמענטשלעך, און קונסט איז מענטשלעך“,
שנ, דערציילערס און ראָמאַניטטן II. „דאָס
פֿאָלק וואָס האָט גערעדט פֿון דעם איבערמענטשן
איז געוואָרן א'„, ח. ליבערמאַן, אין טאָל פֿון
טויט, נ„י 1948. ־קייט.
אונטערמעקלע(ר)ן — אוטוו & טרוו.
מעקל(־ער) אונטער, ~געמעקלט, ~געמעקלערט.
1. אַ ביסל פֿון צײַט צו צײַט זײַן אַ מעקלער.
,
א, בײַם פֿאַרקויפֿן אַ וואַלד. א, תּבֿואה. 2. צו
ביסלעך אָננעמען די ראָלע פֿון אַ
פֿאַרמיטלער. א, בײַם שליסן אַן אָפּמאַך. „ענגלאַנד
האָט זיך געשטעלט אויף אַמעריקעס זײַט און
בלויז אַ ביסל אונטערגעמעקלט אין אַ
קריטישן מאָמענט„, בצג, טמז, 26 1962 XII. ־ער.
־ערײַ.
אונטערמעקן — טרוו. מעק אונטער, ~
געמעקט. 1. מעקן פֿון אונטן. פֿאַרנעצן און א,

אַ וויכטיקן דאָקומענט. 2. מעקן, אָפּרײַבן,
אָפּווישן דאָס אָנגעשריבענע אָדער
אָנגעצייכנטע אַ ביסל, ווייניקער ווי נייטיק. א, און
איבערלאָזן סימנים.

752

אונטערמעקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~
געמעקעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך
אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מע־מע.
א, ווי אַ ציג. 2. אַרויסברענגען, זאָגן עפּעס
אומקלאָרס, וואָס מע קען דערבײַ די ווערטער
ניט פֿאַרשטיין. ״האָט אין שפּאַס איר אָנגעטאָן
אַ פֿינגערל און עפּעס אונטערגעמעקעט
דערבײַ״, הרבֿ העפּטערמאַן פֿאָר, 1961 I □ י 11.

,

־עכץ. ־עניש.
אונטערמראַקען — אוטוו. ־קע אונטער,
~געמראַקעט. רעגענען פּאַמעלעך, מיט הפֿסקות.
אַ רעגנדל מראַקעט אונטער.
אונטערמרוטשען — אוטוו. ־טשע אונטער,
~געמרוטשעט פֿון צײַט צו צײַט, צו
ביס.
לעך אַרויסברענגען קלאַנגען פֿון (ווי) אַ קאַץ.

די קאַץ לאַשטשעט זיך און מרוטשעט
אונטער. פּרגל דווור.
אונטערמרוקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~
געמרוקעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך
אַרויסבּרענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מרו־מרו.
,,[דאָס קעלבּ] האָט געגעסן און דאָך צווײַלן
אונטערגעמרוקעט", ממוס, ספּר הבּהמות. ,,[ע]
האָט אונטערגעהוסט און אונטערגעמרוקעט,,,
בּאַש פֿאָר, 2 .24 IX 1962. אויך טרוו.
,
אונטערמורמלען, אויסדריקנדיק אומווילן אָדער
אומצופֿרידנקייט. א, עפּעס אונטער דער נאָז.
א אַ האַלבּן יאָ. ,,דער שלעכטער מלאך
מי,
נעט זיך, ענטפֿערט ניט ווילנדיק אָמן און
מרוקעט אונטער אויך אַ שבֿח", ממוס, ,שבּת'.
־עכץ. ־עניש.
אונטערמשרת — [...מעשאָרעס] דער, ־ים
[...מעשאָרסים]. 1. משרת, בּאַדינער וואָס האָט
איבּער זיך אַן עלטערן משרת. ,,פֿריִער מוז
מען זײַן אַן א, און מע מוז טאָן שווערע
אַרבּעט און מע נעמט ווייניק שׂכירות...
דערנאָך ווערט מען ערשט אַן אייבּערמשרת", נחבּ,
'מעשׂה בּחכם ותּם'. ,,משרתים זײַנען דאָרטן

געוועז געגוג, אייבערמשרתים און א'ים", ממוט, ספֿר הבהמות. 2. שיקייִנגל. נאָכלויפֿער. די א'ים פֿון דער פּאַרטיי. „פּוּפֿצן פֿון זײַנע א'ים האָבן געקראָגן קלענערע תּפֿיסה־טערמינען", פּאַש, 3 .12 IX 1952. חונף, אונטערלעקער.

„וואָס ביסטו בײַ אים, אַן א'? וואָס פֿאַר אַ יחסן איז ער?", רייד. ־דיק — אַדי.

אונטערן — פּרעפּ אונטער + דעם. אין לד אויך פֿאַר אַ סך זאַכווערטער פֿון ווײַבלעכן מין. א, טיש, א, בעט. "אויפֿן בריק, א, בריק שטייען טויבן פֿאָרן", פֿל. „פֿון אונטערן נעבל הערט זיך אַ ברומען פֿון אַ טויב", פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן. "זיך אונטערגעגנבֿעט

,
אין הויף א, פֿענצטער", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. "דער סולטאַן האָט פֿאַרזאָגט, אויב אַ ייִד וועט שטאַר...

בן, זאָל מען אים א, שטאָט אין גרוב אַרײַנוואַרפֿן", ראָם, די קלוגע מיידל, ווילנע 1879.

„אונטער דעם שטעמפּל פֿון נאַציאָנאַל־ קולטורעלע אידעאַלן", דניאלי, אונזערע קריטיקער, ווילנע 1906. *ער איז שוין געוועז אויפֿן פֿערד און א, פֿערד = שוין דורכגעמאַכט אין לעבן

פֿאַרשיידנס, געהאַט הצלחה און דורכפֿאַלן.
*ל י י ג ן א, אויער ← אויער (390, 3).

אונטערן אויוון

אונטערנאַבלען — טרוו. ־בל אונטער, ~ געגנאַבלט. פֿר, ← אויסנאַבלען. שטילערהייט, בשתיקה רעדן שלעכטס אויף עמעצן. א, אויף אַן אייגענער משפּחה אַזאַ מיאוסקייט!

אונטערנאָגל — דער, ~נעגל. נײַער נאָגל וואָס הייבט אָן צו וואַקסן פֿון אונטן ווען אַ נאָגל רײַסט. „אַז עס באַווײַזט זיך שוין דער א', איז דער ווייטיק קלענער“, רייד.

אונטערנאָגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~ געגנאָגלט. 1. אונטערקלאַפּן מיט נעגל, טשוועקעס. א, דעם קאַסטן. 2. אונטערפֿעסטיקן. א, מיט נאָך ראַיות.

אונטערנאָגן — נאָג אונטער, ~געגנאָגט. אוטוו, אומפּ — אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט דורכלעבן דאָס געפֿיל פֿון נאָגעניש. עס הייבט אָן א, אונטעדן האַרצן. „אַז עס וועט דיר א, בײַם (אונטערן) האַרצן, נעם עפּעס אין מויל אַרײַן„, רייד. טרוו — 1. גריזשען פֿון אונטן. די פֿעלדמײַז נאָגן אונטער די וואָרצלען. 2. אונטערזייגן. „אַ גרויסע מויד און נאָגט

נאָך אונטער אַ פֿינגער“, רייד. 3 פֿאַרשאַפֿן

.

צײַטנוויַײז דאָס געפֿיל פֿון נאָגעניש. די זאָרג נאָגט אים אונטער. ־עניש.

אונטערנאַדז(י)ען, ~נאַדזשען — טרוו. ־דז(י)ע, ־דזשע אונטער; ~גענאַדז(י)עט, ~ גענאַדזשעט. אויך: ~נאַד(י)ען. 1. געהיים, שטילערהייט פֿאַרפֿירן מיט גוטע ריידעלעך, מיט מתּנהלעך. א, אַ קליינשטעטלדיק(ע) מיידל. 2. צוגעוואוינען; אײַנגעוואוינען. א, דעם הונט צו זײַנע נײַע בעלי־בתּים. אויך מיט ז י ך — זיך אונטערלעקן, זיך אונטערחנפֿענען. זיך א, צו עמעצן. א, זיך ווי אַ קעצעלע. ־עניש.

אונטערן אויוון — אַדוו פֿראָזע. ← אויוון. 1. מיטן ערשטיקן בּ. די שײַטלעך האָלץ, אויסגעלייגטע א, א, אויף צו טריקענען. די הינער א, א'. ,,כּהרף־עין וועט ווערן וואַרעם און טרוקן ווי א, א'“, פּרץ, 'דאָס וואַסערל'. 2. הינטערן אויוון. שטיין מיט די הענט פֿאַרלייגט און זיך אָנוואַרעמען א, א,. ,,ער האָט מיך קיינמאָל אין עדגעץ ניט אַרויסגענומען. ער האָט מיך שטענדיק געוואָלט האַלטן א, א'“, ש. ביעליצער, טמז, 12 l962 X. ,,זאָלסט דיר געוואוינען זײַן אַ מעורבֿ בּין הבּריות און

נישט שטענדיק א, א, צו זיצן,,, בֿ. א.
פֿרידמאַן, בש, באַרדיטשעוו תּרנ״א. *אַ לעבן ווי
א, א, — אַ וואַרעם לעבן, דה אַ גוט און
-- ▯

גליקלעך לעבן, אָן קריגערײַען. ״מע קען ניט
זאָגן אַז עס איז בײַ זיי געווען אַ לעבן ווי
א, א', מע זאָל זיך, הייסט דאָס שטאַרק ליב
האָבן״, שע. *זיצן א, א, = זיין אָפּגערוקט
פֿון מענטשן, זײַן אַליין, איינזאַם.
אַרויסקריכן (אַרויסקומען) פֿון א, א, = א) אויסזען
פֿאַרשוואַרצט, צעקנייטשט, אָפּגעלאָזן;
חושכדיק; בֿ) אָנהייבן פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין
דער געזעלשאַפֿט נאָכן אָפּלעבן פֿאַראיינזאַמט.
3. אין דעם טייל פֿון בית־מדרש וואָס איז
הינטערן אויוון [אָרט פֿאַר די אָרעמסטע
מתפּללים, פֿאַר אורחים און פֿאַר ליידיקגייער ▯].
שטיין א, א, און שמועסן. ,,די בטלנים אין
בית־מדרש א, א'״; ,,פֿאַרבֿרענגט מען די
ליידיקע צײַט אין בית־מדרש א, א'״, ממוס.

אונטערנאָט

*זײַן, זיצן, ליגן א, א, = געהערן צו די וואָס
האָבן ניט קיין אָנזען. ,,די פּעאיקע מענטשן

מיט די מידות טובֿות...זיי ליגן א, א'", ג. ח. לעוונער, אַמעריקאַנער צדיקים, ווילנע 1906.

סובֿ. דער אונטערן־אויוון. א) אָרט הינטערן אויוון. ← בֿ2. ,,הײַנט איז דאָ נאָו עפּעס אַ קעך מיט אַן א'־א'", ייִל, דאָס פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. ,,מע האָט געדונגען ערגעץ אַן א'־א, און מע האָט געלעבֿט ווי מע האָט געקענט", יעקבֿ מאיר ליפּשיץ, אַ וואָלוועלער בּיסן, ווילנע 1892. ,,איך פֿאַרשטיי אַליין ניט וואָס איך האָבֿ אַזוי מורא פֿאַר מאַנצבּילן. בּין איך דען אַזאַ א'־א'־מיידל?", ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע; בֿ) אויך די גאַנצע גרופּע וואָס פֿאַרבּרענגט געווײנלעך אין בּיתמדרש א, א'. "דער א'־א, האָט שוין געשמועסט מכּוח דעם ענין,,; ,,דער א'־א, איז זיך צעפֿאַלן אויף פֿאַרשידענע כּיתּות, איטלעכע כּיתּה מיט איר...גאַנג און פּאָליטיקע", ממוכו, מסעות. *קומען פֿון א'־א, = פֿון ישיבֿה־קרײַז אָדער פֿון נידעריקע אָרעמע שיכטן. "דער יונגערמאַן איז ערשט פֿון א'־א אַהער", פּרץ, 'וועגן

,

געשיכטע, [= ערשט פֿון לערנען אין אַ ישיבֿה, אָן וועלטלעכע קענטענישן]. *ניט פֿון א'־א, = קען די וועלט, איז ניט קיין בּטלן ־דיק

.

— אַדי. „אַלע אונדזערע א,־א'דיקע
זאַקאָנטשיקעס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפֿן די מוחות“,
קמ, 3 1869 ,No.
אונטערנאָט — די, ~נעט. נאָט פֿון אונטן.
די א, איז צו לויז.
אונטערנאַטירלעך — אַדי. ווי אַ היפּוך צו
איבערנאַטירלעך. „דו רופֿסט עס
איבערנאַטירלעכע גבֿורה, איך רוף עס א'ע רשעות,,,
רייד.
אויך שפּאַסיק: ס'איז ניט איבערנאַטירלעך,
ס'איז א'.
אונטערנאַטשאַלניק — [ווייכער ל] דער,
־עס. וונ ־ניצע, ־ס. רוסיצ. געהילף פֿון דעם
הויפּט־באַאַמטן. יעדערער וואָס איז אונטער
דעם שעף, דעם אָנפֿירער. „מע דאַרף דאָ
אַלעביז צום סטרוזש“, רייד. ~ אוו ד א, —
מען שמירו, דעם גאַטש— אַטשאַ סטווע
אלני

— די. גרופּע באַאַמטע פֿון נידעריקערן ראַנג.
זײַן אָפּהענגיק פֿון דער א'.
אונטערנאָיען — אוטוו. ־יע אונטער, ~
גענאָיעט. צײַטנווײַז ווײַ טאָן מיט אַ טעמפּן

װײַטיק. אַ, װי אַ קראַנקער צאָן. „די בײנער נאָיען
אונטער, מסתּמא װעט רעגענען“, רײד.
אונטערנאַרײַען — טרוו. ־רײַע אונטער,
~(גע)נאַרײַעט. אויך: ~נאַראַיען.
שטילערהײט (אַזוי װי פֿאַרשטעלט) עפּעס
רעקאָמענדירן צו קויפֿן, סוגעסטירן דורכצופֿירן אַ
טראַנסאַקציע. א אַ פֿאַרדעכטיק געשעפֿטל. אַ,
,
אַ קאַץ אין זאַק. אונטעררוקן, א אַ שידוך
,
מיט אַ קאַליקע.
אונטערנאָרמאַל — אַדי. סובנאָרמאַל. װאָס
איז נידעריקער, װײניקער, ערגער װי נאָרמאַל,
װי עס איז געװײנלעך, װי עס איז אין
דורכשניט. א'ע קינדער. א'ע פֿעאיקײטן. א'ע
טעמפּעראַטור. ־קײט — „אַ, איז באַזונדערש
סכּנהדיק דערפֿאַר װאָס זי רעדט אין נאָמען
פֿון נאָרמאַלקײט דװקא. עס איז אַ פֿינצטערע

קראַפֿט װאָס ציט זיך נישט אַרויף, נאָר
אַרונטער“, צײַט, טמז, 12 ▯ 1957 II.
אונטערנאָרמע — די, ־ס. נאָרמע װאָס

איז קלענער ווי נייטיק אָדער ווי געווײנלעך.
אָננעמען אין אַ שול לויט אַן א'. „ווען מע
האָט צו טאָן מיט קינדער פֿון די אָרעמסטע
היימען, טאָר מען זיך ניט האַלטן בײַ דער
נאָרמע, נאָר מע דאַדף אָנווענדן אַן א'„„ רייד.
אַראָפּרעכענען פֿון שׂכירות פֿאַר די א'ס.
אונטערנאַרן — טרוו. נאַר אונטער, ~
גענאַרט. אָפּנאַרן אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו
צײַט. אויך סתּם אָפּנאַרן פֿאַרפֿירן,
אַרויס,
קריגן עפּעס מיט פֿאַלשקייט. אונטעררוקן. א,
די קונים מיט מאָס און וואָג. א, אַ בלינד
פֿערד בײַם פֿאַרקויפֿן. „אַז מע נאַרט קיינמאָל
ניט אונטער, איז מען שטענדיק דערונטער„„
שוו. „דערום האָט אים [דעם אָפּגאָט בעל־צפֿון]
גאָט איבערגעלאָזט צו א, די מיצרים„„ מחזור
לשלוש רגלים, סלאַוויטע 1832, צו/ב. „איך
האָב מורא, מע נאַרט אונדז אונטער...שווערט
איַך אַז איר זענט...“, קמ, 1869, No 19. „ער
האָט אונדז גאָר אונטערגענאַרט, האָבן מיר
געגלויבט“, ע. ג. וואהרמאן, דער פלוצליכער
גליק, ווילנע 1893. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער
□־קע). ־ערײַ.
אונטערנאַרן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.

זיך אַליין אָפּנאַרן אַ ביסל. א, זיך בײַם קויפֿן די גוואַלדאָוונע מציאה. 2. זיך צולאַשטשען צו עמעצן כּדי יענעם אונטערצונאַרן. זיך אונטערחנפֿענען. זיך אונטערלעקן. „איך קען נישט צוגיין צו יענעם מיט אַ שמייכעלע, מאַכן אַ קאָמפּלימענטל אָדער אַזוי א, זיך“, ווײַס, קנאה און תּאווה.

אונטערן אָרעם — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ. האַלטן, טראָגן עפּעס א, אָ'.
„זיך אויסגעקוקט אַ גאָט, אויסגעדונגען דעם פּרײַז און...האָט גענומען דעם גאָט א, אָ'“,
קאָר 2 .II. געאָרעמט. גיין א, אָ, ווי חתן־כּלה.

אונטערנאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אונטער, זיך ~גענאָרעט. אַרײַנקריכן אין אַ נאָרע און זיך באַהאַלטן. א, זיך אין (הינטער) אַ סטויג היי. א, זיך ווי חיהלעך ווינטערצײַט.

אונטערנאַשן — טרוו. נאַש אונטער, ~ גענאַשט פֿון צײַט צו צײַט אָדער בשתּיקה —.
נאַשן; כאַפּן אַמאָל אַ נאַש. א, אײַנגעמאַכטס פֿון סלאָי. א, דאָס וואָס קיינער האָט ניט פֿײַנט. „מאַמזעלכנס וועלכע האָבן אונטערגענאַשט גאָר די קלייניטשקע, זויערינקע וואַלדעפּעלעך פֿון דעם עץ־הדעת“, ייִפּאָל, 1885,

No 38. ־עכץ. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
אונטערן באָד — אַדוו פּראַזע. 1. הינטער
דער באָד. קוואַרטאַל פֿון שטאָט (שטעטל) וואָס
געפֿינט זיך אין אַ זײַט און וואו עס לעבן
די אָרעמערע שיכטן. א, ב, איז שוין ניטאָ קיין
סימן פֿון אַ ברוק. 2. בײַ דער באַפֿעלקערונג
פֿון אָרעמען קוואַרטאַל, וואו מע פֿירט זיך
אויף ניט געגוג לײַטיש. „זיי צעקריגן זיך
איבער אַ נאַרישקייט, בעטן זיי זיך באַלד
איבער. הכלל ס'איז אַ לעבן ווי א, ב'", שע,
קליינע מענטשעלעך ־וה דאָרטן רודערט זיך,
טומלט זיך שטענדיק]. 3. דזוו אונטערן (
הינטערן) אויוון פֿון באָד, דה הייס (וואַרעם).

אונטערן האַנט

„בײַ דיר איז דאָך א, ב', עפֿן אַ פֿענצטער",
רידד.
אונטערן באַלקן — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן ב. עפּעס הענגט א, ב'. 2. ־פּעצ
וועגן אַ חופּה, וועגן מסדר קדושין זײַן,
להיפּוך צו א ו נ ט ע ר ן ה י מ ל. אַ חופּה
א, ב, — אין אַ שטוב, דה אַן אָרעמע חופּה
(אָן אַ מנין). „נעם איך אַרײַן דרײַ אָרנטלעכע

ייִדן און שטעל מיט דיר אַ חופּה א, בּ',,,
בּימקאָ, גנבֿיס.
אונטערן בּײַטש — אַדוו פֿראַזע. אונטער
זייער אַ שטרענגער דיסציפּלין. אין אַ סכּנה
געשמיסן צו ווערן. האַלטן די שקלאַפֿן א, בּ'.
אונטערנבּלען — → אונטערנאַבּלען.
אונטערנבֿלהן — [...נעוואָלען] אוטוו. נבֿלה
אונטער, ~גענבֿלהט. אָפּטאָן אַ שענדלעכע
זאַך פֿון צײַט צו צײַט אָדער בּשתּיקה. א,,
אונטערמסרן און דערנאָך זיך אַרויסשטעלן ווי
אַ פֿרײַנד.
אונטערן גאַרטל — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן בּ. עס בּײַסט אים א, ג'. בּאַהאַלטן
(פֿאַרשטעקן) א, ג אַ טויז, אַ בּײַטל מיט געלט,
אַ קניפּל. 2. (בּאַרימעריש) ווען עס איז זייער
גרינג איבּערצושטײַגן, צו בּאַזיגן; ווען מע
רעכנט זיך ניט מיט עמעצנס כּוח, אָנזען,
מיינונג. ה אָ בּ ן עמעצן א, ג'. ,,איך האָבּ אים
א, ג', איך דריי אים אַרום מײַן מינדסטן
פֿינגער", רייד פֿ אַ ר ש ט ע ק ן א, ג, [=
אַזוי גרינג בּאַקומען ווי מע פֿאַרשטעקט אַ
העמד א, ג']. ,,איך זאָל דאָ אויף דעם אָרט אַ

מיתה־משונה איַינגעמען, באם [חיריק א] איך פֿאַרשטעק דיך ניט א, ג"', ש. וואָלצענאָק, די געהיימע האָכציַיט, וואַרשע 1884. 3.
באַהאַלטענערהייט (אָפּצונאַרן, זיך אַרויסצודרייען, זיך צו געבן אַן עצה). *האָבן א, ג, אַ לעצטע קאָרט = אַ לעצטן באַוויַיז, אַ לעצטן מיטל. זיך אַרומטראָגן מיט אַ סוד א, ג'.
אונטערן גלעזל — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ. אַ טעצל א, ג,. 2. שיכּור(לעך). זיַין א, ג, און זיך וואַרפֿן שלאָגן (קושן). ,,נאָר אַלע זענען געוואָרן פֿאַרקערט, ווער אונטערן פֿלעשל, ווער א, ג"', ש. מ. אָסטראָווסקי, דער מאַסקעראַדן באַל, וואַרשע 1884. ,,אַז מ'איז א, ג,, האָט מען ערשט געקענט רעדן קעגן יעדן מאַכטהאָבער", מ. עלבּוים, פֿאָר, □2□ 19 II.
אונטערן גריבּל — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ. באַהאַלטן עפּעס א, ג'. 2. דזוו אונטערן האַרצן. קאַלעמוטנע א, ג'. "ווען זי דערזעט זי דורכן פֿענצטער, ווערט איר נישט גוט א, ג',,, טמז, 1964 □ 20.
אונטערן האַנט — אַדוו פּראַזע. ← אונטער דער האַנט. 1. האַנטיק, באַקוועם, נאָענט לעבן זיך. האָבן דאָס געציַיג א, ה'. 2. אונטערן

רשות. „דער עקאָנאָם האָט א, ה, אַ סך
פּאַראָבּקעס„. אַרכ אונטער האַנדן. „אין דער
זאַך וואו [ ]ריבּר ער גיזעצט איזט אונ,
אונטר הנדן האָט פּיריכט ערס מיט פּר שטנד“,

ספּר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ„ט. 3. וואָס
פּאַסט אַרײַן (אין כּוונות). זייער פּלאַן איז
גראָד אונדז א, ה'.

אונטערן האַרצן

אונטערן האַרצן — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן בּ. אַ וואונד א, ה'. אַ ווייטיק א, ה,
= אַ פּיזישער ווייטיק, לאָקאַליזירט אין אַ
טייל פֿון קערפּער א, ה,. עס דריקט (נאָגט)
א, ה'. 2. אין פֿאַרבּינדונג מיט ט ר אָ ג ן
(ה אָ בּ ן) ווי אַן איידעלער אויסדרוק פֿון זײַן
שוואַנגער. „[דאָס קינד] יאָרט זיך בּאַלד און
איך טראָג שוין א, ה, אַ נײַ קינד„, ח.
פּעט, איק, 29 II 1960. „אויפֿן צווייטן יאָר
נאָך אונדזער חתונה, ווען איך האָבּ געטראָגן
א, ה, מײַן מיידעלע„, טמז, 3 .23 IX 1964. דזוו
אין האַרצן, ווען האַרצווייטיק, עגמת־נפֿש.
זיך אַרומטראָגן מיט אַ ווייטיק א, ה,.

אונטערן הימל — אַדוו פּראַזע. אַ קאָנצערט א, פּרײַען ה'. אַ חופּה א, ה'. ← אונטערן באַלקן. [דער מנהג צו שטעלן די חופּה א, ה, זאָל דינען ווי אַ גוטער סימן אַז די קינדער זאָלן זײַן אַזוי ווי די שטערן אין הימל.]
*לאָזן עמעצן א, ה, = אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ניט־אײַנגעאָרדנט. „דער פֿאָטער איז איר יונג געשטאָרבן איבערלאָזנדיק איר מיט אַ שוועסטער און...אַ שוואַכע מוטער כּמעט א, הוילן ה'„, פּ. ט. סעגאַל, די שיינע נייטערין, ווילנע 1894.

אונטערנהרגן — [...נעריקן] טרוו. נהרג אונסער ~גענהרגט. אונטערשלאָגן, אונטערקלאַפּן, אונטערהרגענען. א, די זײַטן. א, די קעגנערס.

-

אונטערנואסן — [...נויעפֿן] אוטוו. נוֹאף אונטער, ~גענוֹאפֿט. פֿון צײַט צו צײַט נואפֿן. א, מיט עמעצן. א, ווען דער מאַן (די ווײַב) איז ניטאָ.

אונטערנוד(ֿ)ען, ־דז(י)ען, ־דזשען — אוטוו & טרוו. ־ד(י)ע, ־דז(י)ע, ־דזשע אונטער;

~גענוד(י)עט, ־דז(ׂ)עט, ־דזשעט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט לאַגגווײַליקן, זײַן (ווערן, מאַכן) איבערדריסיק. אויך אומפּ — עס נוד(י)עט מיך אונטער. פֿון די מאכלים (די נאַרישע רייד) נודיעט מיך אונטער צום ברעכן. "זײַנע ביכער האָבן ניט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פֿון צײַט. זיי האָבן גאַנץ פֿײַן אונטערגענודיעט„, יג, טמז, 8 XI 1963. אויך מיט ז י ך. א, זיך בײַ אַ קאָנצערט. ־עכץ. ־עניש.

אונטערן וואַנט — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ. די שטיינער א, וו'. 2. דזוו הינטערן וואַנט, הינטער דער וואַנט. "די שכנים א, וו, לאָזן ניט שלאָפֿן", רייד. 3. ספּעצ אין אויסדרוק גיין א, וו, = טאָן די באַדערפֿענישן הינטער דער וואַנט. „אין אַזוינע ערטער ווי אָשמענע, וואָלאָזשין...זײַנען ניטאָ קיין קלאָזעטן אַפֿילו בײַ די גרויסע בתּי־מדרשים און שולן. דאָ גייט מען א, וו, און מ'איז משתּין אויפֿן וואַנט„, פֿגעז, ווילנע 7 1925, No. 4. ← אונטערן ווענטל. 5. צוריקגעצויגן, שטיל, דערשלאָגן. „מע האָט געמוזט שיקן באַלד נאָך אַ דאָקטער און ער האָט איר געגעבן צו ברעכן...און פֿון יענער צײַט אָן

איז זי געווען ווי א, וו',,, אמד, זיבּען דינסט
מיידכען, ווילנע 1873.

אונטע□ו וויסן — אַדוו פֿראַזע. פּר. דזוו

אָן דעם וויסן. ,,אַ פּאָר זויערע ווײַמפּערלעך
וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן א, וו, פֿון...,,, מ.
בּורשטין, בּײַ די טײַכן פֿון מאַזאָוויע. ,,א ו
נט ע ר טאַטע־מאַמעס ו ו י ס ן האָט זי זיך
אויסגעזוכט אַ מאַן“, מ. בּורשטין, בּרויט
און זאַלץ.

אונטערן ווענטל — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן בּ. שטיין א, וו, און זיו צוהערן.
2. ספּעצ אין אויסדרוקן וואָס ווײַזן אָן אויפֿן
דורכפֿירן טויטשטראָף דורך דערשיסן. ,,
געכאַפּט די רעוואָלוציאָנערן און זיי גלײַו
געשטעלט א, וו',,.

אונטערנומערירן — טרוו. ־ריר אונטער,
~נומערירט. אויסשרײַבּן נומערן פֿון
אונטן. א, די זיצפּלעצער. ־ונג.

אונטעתופּן — טרוו. נופּ אונטער, ~גענופּט.
(ווּעבּערײַ) אונטערשערן קניפּלעך און
שטיקלעך פֿאָדעם פֿון אַ רויער סחורה. פֿרגל

אויסנופּן.

אונטערנוקען — ־קע אונטער, ~גענוקעט.

אוטוו   פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך נוקען,

--

אַרויסבּרענגען די קלאַנגען נו־נו. „לאָמיר

הערן דיבּורים, נוקע ניט אונטער„, רײַך. טרוו

— אונטעריאָגן, אונטעראײַלו מיט נו, נו.

„נוקע אונדז ניט אונטער. מיר טוען די

אַרבּעט ווי מיר קענען„, רייד. „ר, איצע האָט

אים ניט געטריבּן און ניט אונטערגענוקעט,

נאָר ער האָט דאָס פֿערד געלאָזט שטייו“, י.

שיינהייט, אַמעריקאַנער, 8 1961 XII. ־עניש.

אונטערנורען — טרוו. ־רע אונטער, ~

גענורעט. אונטערטוליען. אַ בּיסל אײַנטוליען. א, דאָס

קינד אין די אָרעמס. א, אונטער קאָלדרעס.

מיט ז י ך — רעפֿל. א, זיו אין (אונטע)

קישנס, קאָלדרעס. ־עכ ן. ־עניש.

אונטערנורקען — אוטוו & טרוו. ־קע

אונטער, ~גענורקעט. אונטערטונקען (זיך) אין

וואַסער. א, בּײַם בּאָדן זיו. „נורקע מיך ניט

אונטער, איך וויל ניט!“, רייד. אויך מיט

ז י ך. א, זיך עטלעכע מאָל. ־עניש.

אונטערן הל — [...כאַלעף] אַדוו פֿראַזע.

אויך: אין גרויס סכּנה אומגעבּראַכט צו ווערן.
,,אין געטאָ זײַנען מיר אַלע געווען א, ח',,,
רייד. אויך: אין אַ סכּנה רואינירט צו ווערן.
,,תּנחום איז נעבּעך בּלינדערהייט געקראָכן א,
ח'...עס פֿלעגט קומען צו דעקן אַ טערמין,
פֿלעגט ער האָבּן גרויסע צרות", יעקבֿ מאיר
ליפֿשיץ, אַ וואָלוועלער בּיסן, ווילנע 1892.
אונטערן טיש — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן
געוויינלעכן בּ. זיך וואַלגערן אַ שיכּורער א,
ט'. "זוכן אַ מאָל צען אין טאָג א, ט',
אונטער די בּענק דעם פֿינגערהוט אָדער אַ דין
נעדעלע,,, ממוס, קליינמענטשעלע. 2. אַמ.
בּשתּיקה, ניט אָפֿיציעל, ניט געזעצלעך. ,,
אָנגעקלאָגט אין נעמען א, ט, צו 50 בּיז
150 דאָלער בּײַ פֿאַרדינגען [דירו□],,, פֿאָר,
12 □ 1959 .III
אונטערן טישטעך — אַדוו פֿראַזע מיטן
געוויינלעכן בּ. בּאַהאַלטן עפּעס א, ט'. ספּעצ
לייגן דאָס מ ע ס ע ר א, ט, — בּײַם בּ ע
נט ש ן נאָכן עסן: א) ווײַל אַ טיש איז

געאונטערנייען

גליבן צום מזבּח, וואָס מע האָט געמוזט

אויפֿשטעלן אָן באַנוצן אײַזן; בּ) ווײַל בעת דאָס
בּענטשן העלפֿט מאריך ימים זײַן — איז
אַ מעסער אַ מקצר ימים.
אונטערן טלית־קטן — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן בּ. עס בּײַסט א, ט'־ק'. 2. (
שפּאַסיק) דזוו אין האַרצן. „דער מאָגן איז אים
ליידיק און עס חלשט אים א, ט,־ק'“, שע,
בּלאָנדזענדע שטערן I.
אונטערניאַנטשען — [צווייטע נון אויך
ווייך] טרוו. ־טשע אונטער, ~געניאַנטשעט. אַ
ביסל, פֿון צײַט צו צײַט ניאַנטשען.
אונטערהעלפֿן בּײַם ניאַנטשען. א, ווי אַ בּאָבע, ווי
א מומע פֿאַרנעם זיך ניט מיט א, דעם
— .
בּייַבּאַק!“, רייד. ־עניש.
אונטערניגונען — [...ניגענען] ניגון אונטער,
~געניגונט. אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט
רעדן זינגעוודיק. א, בּײַם רעדן. טרוו —
אונטערזינגען אַ ניגון. א, קוים־קוים די
פּאָפּולערע מעלאָדיע.
אונטערניוטשען — טרוו. ־טשע אונטער,
~געניוטשעט. לאָקל, (קעלצער ג,).
אונטערזינגען, אונטערבּרומען אין דער שטיל.
גייענדיק שפּאַצירן האָב איך מיר אונטערגעניוטשעט

אַ ניגון.

אונטערניוכען — טרוו. ־כע אונטער, ~ געניוכעט (וועגן חיות, פעיאָ וועגן מענטשן). 1. באַשמעקן פֿון אונטן. א, ווי אַ הונט אַ צויג. 2. פֿון צײַט צו צײַט גיוכען. לויפֿן און א, ווי אַ הונט אויף אַ געיעג. 3. פֿיג. פּרווּון דערגיין, אַרויסקריגן עפּעס וואָס איז בסוד אויף ניט קיין פֿײַנעם אופֿן. א, וואָס עס טוט זיך בײַ זיי אין שלאָפֿצימער. א, ווי עס גייט דעם קאָנקורענט. ־עניש.

אונטערניט(עווע)ן — טרוו. ניט(עווע) אונטער, ~געניט(עוועט). אונטערקלאַפּן ניטן, שטיפֿטן, טשוועקלעך. א, די אונטערשטע ברעטלעך, בלעכן, אַ שטאַבע.

אונטעתיי — דעו, ־ען. 1. אַקט פֿון אונטערנייען. אַ שלעכטער א'. 2. דאָס וואָס מע נייט אונטער. דער א, שלעפּט זיך נאָך. 3. פּר. ספּעצ טייל שטיוול אונטער די כאָליעוועס. ,,אַוועקגענומען די האַנט פֿון האַרץ און מיר באַשטעלט...אַ פּאָר נײַע שטיוועלעך אָדער אַן א',,, באַש, טאַטנס בית‌ דין־שטוב.

או'נטעתייגן — טרוו. נייג אונטער, ~ גענייגט. לר. 1. אונטערבייגן. א, אַ קליידל, אַ מלבוש בכלל. א אַן אויער און זיך

איַין,
האָרכן. אויו מיט ז י ך. זיך א, צום קינד.
2. צעבייגן, אויסבייגן. א, אַ נאָגל, טשוואָק,
בײַם אַרײַנקלאַפּן.
אונטעתיי'גן — אוטוו. ~ניי'ג, ~נייג'ט.
אַרכ. זיך בייגן אויף אַראָפּ. ,,דעשׂ הלבן
זגן מיר קריאת־שמע צו מאָרגן ווען עז טגט
אונ אַך ווען די זון אונטר נאייגט", מדרש
,
ויושע [ייִבל I־II].
אונטערנייען — טרוו. ניי אונטער, ~געניית.
1. נייען פֿון אונטן אָדער פֿון דער לינקער
זײַט. א, אַ סטענגע. א, דעם אונטערשלאַק.
,,מע טאָר ניט נייעו קיין געוואַנט...אויס וואָל

אונטערניסן

מיט לײַנען־פֿאָדעם,...אויך ניט א, מיט פּשתּן",
איבז, רבינו יונה, ספֿר היראה, לוואָוו 1851.
*א אַ ספּראַווע, אַ דיעלע — פֿאַרפֿירן אַ
—
,
פּראָצעס. 2. פּר. ספּעצ פֿאַרריכטן פֿון
אונטן. פֿרגל אונטערניי, בּ3. א, די שטיוול =
צונייען פּרישוועס פֿאַרריכטן די זוילן און

קנאַפּל. 3. נאָך אַ בּיסל (אָדער אַ צווייט
מאָל) נייען. א, אַ נאָט וואָס איז צו בּרייט.
א אַן אַרבּל. ,,איזן איז ער אַ טאַפּעצירער,
אָבער ער נייט אויך צו בּיסלעך אונטער אַ
פּאָר הויזן". ־אונג. ־עכ□Iו — ,,אָבער
שטעפּעכץ פֿאַרוואַרפֿעכץ, א'? דערויף מוז מען
שוין אויך קומען צום גוי?", שע, אָרעמע און
פֿריילעכע II —עניש ־ער — ,,ער איז
. .
אַפֿילו נאָך ניט קיין געזעל, בּלויז אַן א',,,
רייד.
אונטערניסן — אוטוו. ניס אונטער; ~
גענאָסן, ~געניסט. ניסן פֿון צײַט צו צײַט.
אונטערהוסטן און א'. א, און זיך ציִען פֿאַרן
אויער (בּײַם דערמאָנען אַ טויטן). —עכ□ן.
אונטערניצן — טרוו. ניץ אונטער, ~געניצט.
1. ניצן נאָר אַ בּיסל אָדער פֿון צײַט צו
צײַט. ,,אַזאַ צעריסענעם מאַנטל קען מען שוין
ניט טראָגן, סײַדן אים א, זיך צוצודעקן,,,
רייד. 2. ניצן בּשתיקה. א, סאַמאָהאָן. וואול.
אויך וועגן בּאַציאונגען מיט אַ פֿרוי. מיט

ז י ך — אויך וואול (וועגן אַ פֿרוי) פֿון צײַט
צו צײַט האָבן אומלעגאַלן געשלעכטלעכן
פֿאַרקער. זיך א, ווען דער מאַן פֿאָרט אַוועק.

־עכ□ן. ־עניש. ־ער (־קע).

אונטערניצעווען — טרוו. ־צעווע אונטער,
~געניצעוועט. אַ ביסל איבערניצעווען. א,
די אַלטע פּעלערינע.

אונטערניקורן — [...ניקעדו] טרוו. ניקוד
אונטער, ~געניקודט. אונטערשטעלן נקודות. ניט
וויסן ווי אונטערצוניקודן.

אונטערן לעפֿ(ע)ל(ע) — אַדוו פֿראַזע. דזוו
אונטערן האַרצן, בּ1. „דאָס הויפּטאָרט פֿון
דער לאָקאַליזאַציע פֿון דעם דאָזיקן ווייטיק
[וואונד אין מאָגן] איז א, לעפֿל אָדער אונטערו
האַרצן„ פֿגעז, ווילנע 2 l938, No. “שטייט

,

נאָך אַלץ אַן אַריבערגעבויגענער...און קען ניט
אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט געקראָגן
אַ זעץ א, לעפֿעלע„„ חג, טמז, 14 □1964 III.
*עס טיאָכקעט א, לעפֿעלע = עס קלאַפּט
שטאַרק דאָס האַרץ. *עס ציט א, לעפֿעלע
= מען איז שטאַרק אומרואיק. *עס נאָגט
א, לעפֿעלע = מען איז שטאַרק הונגעריק.
*עס שטייט (ליגט) מיר א, לעפֿל = עס

דריקט דאָס ניט־פֿאַרדײַטע. „האָט [ז] נאָך געהאַט אַ שטאַרקע לוסט צו עסן. ס'האָט איר כּסדר געגאָגט א, לעפֿעלע„, בּאַש, פּאָר, 2 IX l960. *זאָגן (דערציילן) וואָס מע האָט א, ל, = זײַן אינגאַנצן אָפּנהאַרציק.

אונטערן מעסער — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ. עס רינט בלוט א, מ'. „אַלץ איז בּײַ מיר אין יאַטקע פֿריש, אָקערשט פֿון א, מ'„, רייד. 2. פֿיג וועגן אָפּעראַציע. גיין א, מ, = זיך לאָזן אָפּערירן. „גיין א, מ, איז אין יענער צײַט געווען נישט פֿון די זאַכן אויף וועלכע מע דעצידירט זיך אַזוי

5 ,

לײַכט„, י. עמיאָט, פּאָר, 19 1964 I. (אַרויס)־קומען אַ לעבּעדיקער פֿון א, מ'.

אונטערן נאָגל — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ. שוואַרץ א, נ'. 2. פֿיג. וואָס איז בּאַהאַלטן פֿאַרבּאָרגן. ער ווייסט וואָס עס טוט זיך בּײַ יענעם א, נ,.

אונטערן נאָז — אַדוו פֿראַזע. דזוו אונטער

דער נאָז. 1. מיטן ערשטיקן בּ. אַ געשווירל
א, נ'. *האָבּן (זען) מילך א, נ, = זײַן גאָר
יונג, אָן דערפֿאַרונגען אין לעבּן. „צוציק,
דו מישסט זיך אויך אַרײַן? מע זעט דאָך
נאָך בּײַ דיר מילך א, נ'„, רייד. 2. גאָר
נאָענט אַרום. „ס'ליגט אונטערן נאָז און ער
זעט עס ניט„. „קריכנדיק איבּער דער ערו...,
זעען מיר מערניט וואָס בּײַ אונדז א, נ'„, י"ז
בּן־אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע
1894. 3. (וועגן אַרויסרעדן) אומקלאָר. רעדן
(פֿאָנפֿען) א, נ'. „ענטפֿערט אים יאָ אַמאָל
איינער מיט אַ האַלבּן מויל, אַזוי א, נ„ זעט
דאָס אויס ווי ער שענקט אים אַ וואָרט",
ממוס, קליאַטשע.
אונטערן נאָמען — אויך: מיטן
פּסעוודאָנים. „איך בּין אַ קריטיקער! כ'שרײַבּ צוויי
מאָל אַ וואָך א, נ, ליִאָ„, אָפּאַ, היבּרו.
אונטערנעכטיקן — אוטוו & אַקוזוו. ־טיק
אונטער, ~גענעכטיקט. 1. נעכטיקן נאָר איין
מאָל. (אויף אַ צופֿעליק אָר □). א, אַ נאַכט.
„שוין יעקבֿ אָבֿינו האָט אין וועג דענסטמאָל
אונטערגענעכטיקט אין יענעם אָרט אויף אַ
האַרט געלעגער", ממוס, ווינטשפּ. „אין דאָרף
האָבּן זיי אונטערגענעכטיקט און אויף מאָרגן

האָט זיך פֿישל געפֿעדערט כאור הבוקר,,, שע, לכּבֿוד יוס־טובֿ 2 .I. נעכטיקן אַ קורצע צײַט אָדער פֿון צײַט צו צײַט. ,,אונדזער בּהמה, עפּעס נאָך אַ שסיקל קימפּעסאָרין, האָט אונטערגענעכטיקט אין דעם פֿינצטערן הויז,,, ממוס, ספֿף הבּהמות. ,,בּײַם ערשטן אַרײַנטרעטן...אין דער דירה אויף אונטערצונעכטיקן דאָרט,,, ממוס, ווינטשפֿ.

או'נטערנעם — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אונטערנעמען (זיך). אַ האַסטיקער, אַן אומבּאַרעכנטער א,. דער עצם א, איז וויכטיק. 2. דזוו אונטערנעמונג. ,,גאָט וועט אָנשיקן אויף דיר אַ קללה, אַ מהומה און אַן אָנגעשריי אויף יעטוועדער א, ['משלח,] פֿון דײַן האַנט,,, תּי, דבֿרים, כח, 20. ,,פֿאַרלאַנגען פֿון דער רעגירונג אַז זי זאָל איבּערנעמען אַ טייל פֿון פּרײַען א, וואָס קען אַליין זיך ניט האַלטן“, בּצג, טמז, .I 195 21

או'נטערנע'מונג — די, ־ען. פּ ראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערנעמען (זיך). דאָס וואָס מע נעמט (זיך) אונטער. געשעפֿט, עסק. פּאָדריאַד. אימפּרעזע. אַקציע. אײַנשטעל; אַוואַנטורע. אַ מוטיקע (ריזיקאַלישע) א'. פּריוואַטע (געזעלשאַפֿטלעכע) א'. אַן א, מיט גרויס

דערפֿאָלג פֿאַרדינען, אָנווערן בײַ אַן א.,
אַרויס.
קומען פֿון אַן א, בשן ועין פֿאַרלירן די
.
הויזן בײַ אַן א'. ,,תּאוות פֿון כל המינים —
דאָס זײַנען די טרײַבפֿעדער...צו אַלע זײַנע
א'ען,,, ממוס, שלמה. ,,אַזאַ א, מיט אַזאַ
מוסטערהאַפֿטן אָרדענונג האָט געפּאַסט פֿאַר אַ

אונטערנעמען זיך

גאַנצער געזעלשאַפֿט,,, פּינסקער שטאָט־לוח,
תּרס,,ד. ,,די א, פֿון פּראָצענט נעמען,,, צבֿי
ניסן גאָלאָמבֿ, די בורזשואזיע, וואַרשע 1906.
,,יעדע קלייניקייט האָט באַדאַרפֿט באַטראַכט
ווערן און אויסגעחשבֿונט ווערן ווי אַ נײַע
א,“, מוק, מײַנע באגעגענישן. א'ס־ג ײַ ס ט.
,,האָט אין זיך פֿאַראייניקט די איידלקייט פֿון
די ערשטע פּוריטאַנער און דעם...א'ס־גײַסט
פֿון דעם קינפֿטיקן בויער“, דא פֿון בערלין
,
ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930. א'ס־כּ ו ח.
א'ס־ק ר אַ פֿ ט. ,,מיר האָבן פֿאַר די אַלטע
פֿעלקער מיט אונדזער פֿלײַס...און א'ס־קראַפֿט

פֿיל נוצן געבראַכט", דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיסשעוו 1897.

אונטערנעמעכץ — דאָס (די), ־ן (.ער).
דזוו אונטערנעמונג. ל2. אויד מיט ביטול.

או'נטערנעמען — [לאַנגע ע אין פּד, אוקר. אויך: אונטערנע'מען] סרוו. נעם אונטער, ~ גענומען (אויך: ~גענעמען). 1. נעמען אויף זיך עפּעס דורכצופֿירן (וואָס איז נײַ, שווער, פֿאַרלאַנגט אַן אײַנשטעלן זיך). א אַן אַקציע.

,

- -

א אַן אַוואַנטורע. ,,א, הייסט זיך פֿאַרקויפֿט,,,

,

שוו. ,,דאָס וואָס איך וויל א, פֿאַרלאַנגט אַז איך און דו און די קינדער וועלן דאַרפֿן שווער האָרעווען,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,א, אַזאַ אומזין קען נאָר דער וואָס איז אַ נאַר", יוסף ראָלניק, נש. ,,זײַן כּוח איז געלעגן אין א, אַ שווערע טעמע, אָפּט אַו

אוממעגלעכע טעמע", באַש, פֿאָר, 1964 II ־ י 5.
,,עס איז דעריבער פֿריצײַטיק אונטערצונעמען וועלכע עס איז אַקציע,,, דוד פֿלינקער, טמז,

.II 19􏰀5 10
2. ספּעצ אין פֿאַרבינדונג מיט אַ נסיעה.
א אַ רײַזע. „העריעטע האָט די רײַזע
אין,
טערגענעמען“, איבז ימבר„ע, די עגינה,
בוקאַרעשט 1878. „איו בין...ניט אים שטאַנד
די רײַזע אונטערצונעמען“, יהל, די ערשטע
ליבע, וואַרשע 1881. „ווי נעמט מען אונטער
אַזאַ רײַזע אָן וועש?„, אַר, 'זײַן רײַזע קיין
אַמעריקע'. „אינאיינעם האָבן זיי
אונטערגענומען סכּנותדיקע נסיעות“, י. טיגער, דער
שוואַרצער בּישאָף, לאָנדאָן תּש״ד.
3. דזוו בּ1 מיטן צוגאָב: אָ נ ה י י ב ן צו פֿיון,
דורכצופֿירן מיט אַ צוגרייטונג. א, אַ געשעפֿט,
אַן עסק. „בראַוו האָט זי געטאָן אַלע אַרב􏰀טן
וואָס נאָר די קבֿוצה האָט אונטערגענומען“,
בּ. דעמבּלי􏰀, צוויי און אַ דריטער. „עס איז
וויכטיק אונטערצונעמעו די ענדגילטיקע
נאָרמירונג אויף דעם געביט [פֿון גראַמאַטישן
מין]„, ק. שיף, ייִשפּ 1 ,II􏰀XX.
4. אָננעמען פֿון אונטן. אונטערהייבן בײַם
טראָגן. א, דעם בופֿעט. „גליבעס ערד וואָס
דאָס אַקעראײַזן נעמט אונטער, לייגן זיד אַוועק

אין גאַנץ גרויסע שטיקער", מ. וועבער, דער יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891.

5. (שנײַדערײַ) אײַננעמען, אײַנצִיִען בײַם נייען. א, די אָרעמס. ־עניש.

אונטערנעמען זיך — ← דפֿוו. דזוו

אונטערנעמען בּ1, נאָר מער אַרויסגעהויבּן אַז עס נייטיקט זיך דערבײַ אַן אָנשטרענגונג אָדער אַן אײַנשטעלעניש. „אַז מע ווייס ניט און מע קען ניט — נעמט מען זיו ניט אונטער";

אונטערנעמער

„האָסט זיך אונטערגענומען אַ מאַן צו זײַן, בּרענג זשע בּרויט אין שטוב אַרײַן"; "טאַטע און מאַמע איז אַ קונץ צו זײַן, און אַלע (מענטשן) נעמען זיך עס אונטער"; „אַ ליטוואַק נעמט זיך אונטער אַפֿילו צו זײַן אַן אַם", שוו. „ער נעמט זיך אונטער זיי אויסלעטשען [= אויסהיילן]", פֿמ. „ווען דו נעמסט זיך אונטער, אַז דו זאָלסט אים זײַן לעבּן

אָפּהיטן, וועט ער בּלײַבּן לעבּן", מחהt בּרייטמאַן, די געשיכטע פֿון אַ לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. „איר וועט זיך קאָנען א, אויפֿנייען דעם קינד אַ פּאָר שטיוועלעך אויף פּסח?„,

שע, 'פֿאַרשטערטער פּסח'. „ווי קומט עס אַז
חיים זאָל זיך א, אַריבערצופֿירן אײַער
שוועסטער?‟, ספּ, סודות.
או'נטערנע'מער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס נעמט (זיך) אונטער אָדער
דערוועגט זיך עפּעס צו טאָן, עפּעס דורכצופֿירן,
דערגרייכן. מוטיקער א'. „דאָס שטילע קלאַפּן
פֿון טויזנטער הערצער בײַ יונגע באַגײַסטערטע
א',,, דא, שוואַרץ־רויט. „האָט זיו
אונטערגערוקט איינער אַ בריה אַן א, און האָט
אויסגעטראַכט אַן אינטערנאַציאָנאַלן תּנ„ך־קאָנקורס‟,
א. גאָלאָמבּ, היימיש, 1958, נאָוו'. 2.
איניציאַטאָר, בעל־הבית, אָנפֿירער פֿון אַן
אָרגאַניזירטער אַרבעט, אַ געשעפֿט, פֿאַבריק,
וואַרשטאַט, פּאָדריאַד אע. אינדוסטריעלער א'. „איש
אחר שטראַסנבוי־א'...להשגיח על הדרכים שיהיו
מתוקנים כּראוי,,, הרבֿ גרש ון ליטש־
ראָזענבוים, שו״ת משיבֿ דבֿרים, מונקאַטש 1900.
„אונדזער מיין איז ניט...אַז דער א, איז
אַקוראַט אַזוי נייטיק אין דער פּראָדוקציע ווי דער
גענעראַל אין אַ קריג‟, זשיט III, נ„י 1912.
„אַ טעות אַז די ייִדן אין מדינת ישׂראל זענען
א', קבלנים, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען
בקבלנות אויסצוטריקענען זומפּן, באַזעצן די

וויסטענישן“, ש. ז. שרגאי, טמז, 23 1964 X.
א'־ר ו ו ח. 3. דער וואָס נעמט עפּעס
איבער אויף זיך. נר. „דער א, פֿון דעם חובֿ
פֿון צוועלף גילדן„, מ. הלוי הורוויץ, ספֿר
פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.
אונטערנע'מעריש — אַדי. וואָס האָט די
אייגנשאַפֿט פֿון אַזאַ וואָס נעמט זיך אונטער;
וואָס האָט איניציאַטיוו; וואָס דערוועגט זיך
אויף עפּעס נײַס. א'ע באַהאַרצטקייט. א'ע
אײַנפֿאַלן. „די שטאָטישע מיידלעך זענען יענעם
ווינטער געווען א'ער ווי אַלעמאָל“, באַש, פֿאָר,
28 1964 II. „קיין אַמעריקע איז געקומען נאָר
דער עלעמענט פֿון אָרעמקייט וואָס איז
געווען א, און ענערגיש„, בצג, טמז, 15 ׳ 1964 III.
־קייט — „גראָבט אונטער דעם סאַמע יסוד
פֿון פֿרײַער א, דאָ אין לאַנד„, פֿאַש, 15 1964 ׳ I.
,
אונטערנענרזען — טרוו. ־דזע אונטער, ~
גענענדזעט. 1. פּר. פֿון צײַט צו צײַט בעטלען.
“זומערצײַט העלפֿט ער דעם סאַדאָווניק און
ווינטערצײַט נענדזעט ער אונטער“, רייד.
2. לאָקל (בענדין אאַ פּר). אַ ביסל מאַטערן
מיט וויינען, מיט קאַפּריזעווען זיך (וועגן אַ
קינד). „נאָד ווען עס איז נישט דאָ געדאַכט

קראַנק, נענדזעט עס אונטער,,, רייד. ־עכץ.
אונטערנעצן — טרוו. נעץ אונטער, ~

, גע6

נעצט. 1. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט נאַס מאַכן. א, וועש בײַם פּלעטן. א, די ליפּן (דעם גומען, דעם האַלדז) = אויך: מאַכן אַ כּוסע. 2. נאַס מאַכן מיט לאָזן השתּנה. א, דעם לײַלעך. א, דיווינדעלעך, די הײַזעלעך. אויך מיט ז י ך. ,,ווען קינדער שפּײַען אין פֿײַער, טוען זיי זיך א‘‘; “ווען קינדער שרײַען אויפֿן קול, טוען זיי זיך א,,, פֿוול.

,

־עניש. ־ער. ־ערקע.
אונטערנערן — טרוו. נער אונטער, ~ גענערט. 1. געבן אַ ביסל מער נערונג, שפּײַז. א, די פֿאַרהונגערטע יתומים. 2. געבן ווייניקער נערונג ווי מע דאַרף. א, די יתומים. ־ונג — ,,...רופֿט אַרויס לונגען־אינפֿעקציע און איז אויך דער פֿאַקטאָר פֿון קריטישער א',,, טמז, 1965 10.
אונטערן פֿאַנטאָפֿל — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן ב. א, פּ, האָט זיך עפּעס

צוגעקלעפּט. 2. (וועגן אַ מאַן) אונטערן קנאַפּל
= דה ער איז אַזוי נידעריק אַז ער ל י ג ט
אונטער זײַן ווײַבס פּאַנטאָפּל און זי טרעט
אויף אים. „אַ ספּאָדניצע דאַרף מען דיר
אָנטאָן! אַ באַביצע בלײַבט אַ באַביצע! אַ מענטש
האָט חשק ל י ג ן בײַם ווײַב א, פּ'",
בּרכוכבא, דער פּוטער, ווילנע 1894.
אתטערן פּלייצע — אַדוו פּראַזע. אונטער
דער פּלייצע. ← אונטער. „[בּײַ] פּרײַנדשאַפּט
צווישן צוויי יונגע מענטשן פּון פֿאַרשיידענע
געשלעכטער, שטייט שוין די הייליקע ליבע
א, פּ',,, יעקבֿ מאיר ליפּשיץ, אַ וואָלוועלער
ביסן, ווילנע 892 . „געהיימע
אָרגאַניזאַציעאַרבעט אונטער די פּלייצעס פּונעם
קאָמיטעט,,,
דר, א. י פּריידענבערג, זכרונות, בּריסל 1938.
.
אתטערן פּנים — אַדוו פּראַזע. אַרכ. דזוו
אונטער (הינטער) די אויגן. „ק נער ווערט
אויף דען אַנדערן קנאה אונ, שׂנאה מער
טראָגן, נאָך ליצנות אונ, דאָס אַרגשׂט א, פּ,
זאָגן,,, צוכט, אָפּנבּאַך 1716.
אונטערן פֿאַרטעך — אַדוו פּראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן ב. א, פּ, — אַ צעריסענע ספּאָדניצע.

2. איר ווען מען איז אינגאַנצן אַפּהענגיק, ניט־זעלבשטענדיק. געבליבן דאָס גאַנצע לעבן א, פֿ, פֿון דער מוטער. „ווער איז געווען מענדעלסאָן און נאָך פֿיל גרויסע לײַט? זיי זײַנען אַלע געלעגן בײַם דלות א, פֿ"“, ח. ד. גילדענבלאַט, דער יודישער גבור, ווילנע 1913. „ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן קיין לײַט, געבליבן בײַם רבין [!] א, פֿ'„, רייד.

אונטערנפֿיההן — [...נעפֿיכעה אוטוו. נפֿיחה אונטער, ~געונפֿיחהט. גראָב. 1. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסברענגען בויכווינט. א, און זיך אָפּטראָגן. 2. במקום־ווערב פֿאַר אונטערנאַרן, אונטערפֿאַלשעווען, קאַליע מאַכן אע. אויך מיט ז י ך. ־ניש.

אתטערן פֿלעשל — אַדוו פֿראַזע. אינגאַנצן שיכור. „אַלזאָ איז אין דעם הויז געווען די שׂמחה גרויס, עס וואָלט לאַנג גיווערט, נאָר אַלע זענען געוואָרן פֿאַרקערט, ווער א, פֿ„ ווער אונטערן גלעזל“, ש. מ. אָסטראָווסקי, דער מאסקעראַדן באַל, וואַרשע 1884.

▯

אונטערנסקהן — [...נאַפֿקען] אוטוו. נפֿקה

אונטערסאָ(ו)סן

□

אונטער, ~געפֿנפֿקהט. אויך: ~נפֿקאן. וואול.
פֿון צײַט צו צײַט זיך פֿירן ווי אַ נפֿקה.
אונטערן צונג — אַדוו פֿראַזע. דזוו אונטער
דער צונג. 1. מיטן ערשטיקן בּ. אַ
פֿרישטשיקל א, צ'. האַלטן די פּיל א, צ'. 2. דזוו
אין מויל (עס האָט אָפּגענומען דאָס לשון).
„הערנדיק דעם נאָמען...איז בײַ [איר] קאַלט
געוואָרן א, צ', זי האָט געפֿילט ווי אירע פֿיס
האָבּן זיך בײַ איר אונטערגעבּראָכן“, ג. ח.
לעוונער, דער צווייענדיקער תּנאָים, ווילנע 1897.
אונטערן קנאַפּל — אַדוו פֿראַזע. דזוו
אונטערן פּאַנטאָפֿל ←. „זי זאָגט אַז איך האָבּ
אַ גיפֿטעלע און אַז נאָך דער חתונה וועט
מײַן מאַן בײַ מיר ליגן א, ק'“, חג, טמז,
4□19 III □.

אונטערן קרן — [...קערן] אַדוו פֿראַזע.
ווייניקער ווי דער פּרײַז וואָס מע האָט אַליין
באַצאָלט, וויפֿל עס האָט געקאָסט דעם וואָס
פֿאַרקויפֿט עס. „טײלמאָל קומט צו אַ געשלעג
איבער דעם טײַערן קונה וואָס מע האָט אים
פֿאַרקויפֿט א, ק, אָדער קרן„„ צעד. „און זאָגט
ער אַמאָל אַ קונה...אַ מקח, איז עס טאַקע
א, ק'", פּרץ, 'האשה מרת חנה„.
אונטערן רוט — אַדוו פֿראַזע. דזוו
אונטערן בײַטש. „דער זעלביקער חדר: אָן ליכט,
אָן לופֿט, ענג פֿאַרשטיקט און א, ר„„ איש

יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג
28 1901, No.
אונטערן שטיוול — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן ב. בלאָטע א, ש'. 2. אונטער אַ
שטרענגער הערשאַפֿט. דער פּויער א, ש, פֿון
פּאַן. א, ש, פֿון אָקופּאַנט. „די פֿינצטערע
יאָרן אונטער דעם נאַצישן שטיוול„„ טמז,
3 19 IX.
אונטערן רצל — אַדוו פֿראַזע. אויך:
א, שטאַ פּד. 1. מיטן ערשטיקן ב.
אונטערן צודעקל פֿון טאָפּ. עס זידט שוין
א, ש'. 2. פֿאַרבאַהאַלטן, באַהאַלטענערהייט.

ווען מע זאָגט ניט אויס. „די דאָזיקע גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט האָט מען געהאַלטן בײַ אונדז א, ש„„ ייִט, פּוילן I.

אונטערן שלאָס — אַדוו פּראַזע. 1. פֿאַרשלאָסן. פֿאַרשלאָסענערהייט. אַ קאַרגער וואָס האַלט אַלץ א, ש'. „דער אַלטער בײזער ווערכטער האָט געהאַלטן אײבּיק א, ש, אַ זאַשעק קאַרטאָפּל און אַ פּעסל פֿאַרזויערט קרויט„„ א. קאַליר, היימיש, אָבֿ־אלול תּשכ„א. „און איצט? וואָס זאָל איך זאָגן, ווען ערד און הימל זײַנען א, ש'?“, אסתּר שומיאַטשער, לידער, 1956. 2. אין תּפֿיסה. פֿאַרשפּאַרן די כוליגאַנעס א, ש, אויף אַ חודש צײַט.

אונטערנתנען — [...נאַ'כענען] טרוו. נתן אונטער, ~געננתנט. אונטע▯ררוקן עפּעס בשתיקה, פֿון צײַט צו צײַט געבן געהיים. א, כאַבּאַר.

אונטערסאָ(▯)סן — טרוו. סאָ(ו)ס אונטער, ~געסאָ(ו)סט. אַ בּיסל, צו בּיסלעך אונטערגיסן, צופֿראַוון, באַטעמען אַ געקעכטס, אַ מאכל מיט סאָ(ו)ס, זוזע. א, דעם בּיפֿשטעקס מיט טאָמאַטן־זאַפֿט. א, דעם סאַלאַט מיט אייל און עסיק.

אונטערסאַזשען

אונטערסאַזשען — טרוו. ־זשע אוגטער, ~געסאַזשעט. 1. אַ ביסל, לײַכט אײַנשמוצן מיט סאַזשע. א, דאָס פּנים בײַם אויפֿבלאָזן דעם סאַמאָוואַר. 2. סאַזשען פֿון אונטן. א, די פֿיס. אויך מיט ז י ך.

אונטערסאַטירעווען — אוטון. ־רעווע אונטער, ~געסאַטירעוועט. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט מאַכן איראָנישע באַמערקונגען וועגן עמעצן אָדער עפּעס. א, פֿון די שטאָט־בעליטובֿות. א, איבער דעם יום־טובֿדיקן הילוך פֿון דער שטאָט־נגידית(טע).

אונטערסאָכנ(י)ען — אוטוו. ־נ()ע אונטער, ~געסאָכנ(י)עט. צו ביסלעך, במשך אַ צײַט ווערן אײַנגעטריקנט, דאַר. די עפּלביימער סאָכניען אונטער. א, פֿון דער געשלאָגענער פּרנסה. א, מחמת צרות פֿון קינדער.

אונטערסאָפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~ געסאָפּעט. פּפֿ: ~סאַפּען. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן פּרײַכן, אָטעמען מיט אָנשטרענגונג. א, אונטער דער שווערער משׂא. א, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו (פּאַראָוואָז) ־עניש.

.

אונטערסאַרגען — טרוו. ־גע אונטער, ~
געסאַרגעט. פּד. אַ ביסל, ניט צו שטאַרק מאַכן
אומריין, שמוציק. שפּאַנען אין דער בלאָטע
און א, די נײַע קאַפּאָטע. ־עכץ. ־עניש.
אונטערסאַ'רווערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געסאַרווערט. סאַרווערן, באַדינען,
דערלאַנגען צום טיש ניט אָפּט פֿון צײַט צו צײַט.

,

א אַז עס קומט אונטער אַ נגידישע חתונה.

,

א, דעם פּריץ [דאַטיוו].
אונטער ס'אַרס — אַדוו פֿראַזע. לאַקל.
גאַליציע. אונטערן אָרעם, געאָרעמט. ,,זיי גייען
שוין א, ס'אַרם, אַ סימן — זיי זענען
פֿאַרלאָבט,,, רייד. ,,דער מלך נעמט זי אונטער
ס אַרם“, מאַנ, 'דער שנײַדער־געזעלן'.

,

אונטערסאָרען — טרוו. ־רע אונטער, ~
געסאָרעט. רוסיצ. דזוו אונטערמיסטיקן ←.
אונטערסודען זיך — [...סוידען] קזוו. סוֹדע
זיך אונטער, זיך ~געסוֹדעט. פֿון צײַט צו
צײַט זיך דערציילן עפּעס איינער דעם
צווייטן אין דער שטיל. ,,און צו דעם האָט מען

זיך אונטערגעסודעט אַז ער איז איינער פֿון
זיי, פֿון יענע געפֿערלעכע פֿייגל", מלה, '
ערגעץ וואו'. ־עניש.
אונטערסוויענטשען — ←
אונטערשוויענטשען.
אונטערסווישטשען — טרוו. ־שטשע
אונטער, ~געסווישטשעט. סל. דזוו
אונטערפֿײַפֿן ←. „דאָרט(ן) וואו דער שניי איז געווען
צעגאַנגען, האָט דער שליטן געשיפּעט און
אונטערגעסווישטשעט", אי. דרוקער, קלעזמער,
קיִעוו 1940. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אונטערסופֿלירן — טרוו ־ליר אונטער,
-
~(גע)סופֿלירט. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן
סופֿלירן, לייענען אין דער שטיל פֿאַרן
אָקטיאָר זײַן פּראָזע פֿאַרן רעדנער זײַן טעקסט.
,
אונטערזאָגן, אונטערדערמאָנען. א, ווי אַ
פּאַרטאַטש און פֿאַרשרײַען דעם שוישפּילער. „
סופֿליר מיר ניט אונטער, איך ווייס וואָס איך האָב
צו זאָגן", רייד. ־ונג. ־עניש.

אונטערסטאַמפּן — דזוו אונטערשטאַמפּן ←.
אונטערסטאַראָסטע — דער, ־ס. וונ נבֿ.
געהילף פֿון סטאַראָסטע. „צי איז אמת אַז דער
...א, האָט אָנגעגעבן אַ פֿאַלשן דאָנאָס“, פּרץ,
שטעט און שטעטלעך.
אונטערסטאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך
אונטער, זיך ~געסטאַרעט. מיטאַמאָל אָנהייבן
זיך באַמיִען; זיך געמען פֿאַר עפּעס אַן אַרבעט
מיט פֿלײַס. זיך א, ווי אַ מצה־בעקער. א, זיך
פֿאַר די עקזאַמענעס.
אַונטערסטופּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~
געסטופּעט. 1. שטויסן, קלאַפּן אין אַ סטופּע
אויף אַ לײַכטן אופֿן, ניט אויף דין. א, מצה
אויף קרופּנע פֿאַרפֿל. 2. סתּם קלאַפּן אַ ביסל,
צו ביסלעך. א, (עמעצן) די זײַטן. ־עכ▯ן.
־עניש.
אונטערסטוקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~
געסטוקעט. צו ביסלעך, אויף אַ לײַבטן אופֿן
אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו)
סטוקסטוק. אָנקלאַפּן קוים־קוים. א, (אין דער טיר)
ווי אַן אומגעבעטענער. ־עכ▯ן ־עניש.

.

אונטערסטעליע — די, ־ס. שטח אין אַ בנין
אונטער דער סטעליע. „טוען די שיטערע און

געלבּלעכע האָר זיך אַ קער אַהין צו דער א',,,
וויספּע, קאָוונע 1923, העפֿט א־ב. ־ליק —
אַדי. ,,די פֿאַרגראַטעטע און א'ע פֿענצטער,,,
דאָרטן.
אונטערסטעמפּלען, ־לעווען — טרוו. ־פּל,
־לעווע אונטער, ~געסטעמפּלט, ־לעוועט. דזוו
אונטערשטעמפּלען (אויך אין אַ צאָל רר וואָס
היטן אָפּ דעם חילוק ש:ס). א, דאָס פּאַפּיר אין
פּאָליציי.
אונטערסטעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע
אונטער, ~געסטעמפּעוועט. (שנײַדערײַ) אַ ביסל
דורכנעמען מיט פּאַרע. א, דעם מאַטער◌אַל
פֿאַרן נייען. א, דעם שעוויאָט.
אונטערסטראַדײַען — אוטוו. ־דײַע אונטער,
~געסטראַדײַעט. רוסיצ. דזוו אונטערלײַדן ←.
(מיט ביטול אָדע◌ר שפּאַס). א, ווי אַ פֿאַרליבּט
בּחורל.
אונטערסטראָיען — טרוו. ־יע אונטער, ~
געסטראָיעט. סל. 1. בּויען צו ביסלעך, צובּויען.
א אַ נײַעם פֿליגל צו דער אַלטער דירה.

,
2. אונטערשטעלן. א, עמעצן אַ שטוקע, ער זאַל
האָבּן צו געדענקען. *א, אַ לייטער צום הימל
= זיך פֿאַרמעסטן צו טאָן אוממעגלעכס.

־עניש.
אונטערסטראַשען — טרוו. ־שע אונטער, ~געסטראַשעט. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט סטראַשען, אָנשרעקן, וואָרענען. א, דאָס קינד אַז דער רבי וועט אָפּשמײַסן. ־עניש.
אונטערסטריגעווען — טרוו. ־געווע אונטער, ~געסטריגעוועט. 1. סטריגעווען, נייען מיט לאַנגע שטעך (אויף דערווײַל, אין פּראָצעס פֿון אַרבעט) ווי ניט איז, אויף אַ לײַכטן אופֿן. ניט פֿאַרנייען, בלויז א'. 2. סטריגעווען צו ביסלעך. דער לערניונג קען דערווײַל בלויז א, די פּאָלעס.
אונטערסטרעכע, ~סטריכע — די, ־ס.

אונטערסמאַליען

דער שטח אונטערן שטרויענעם דאַך. אויסהענגען וועש אין א'.
אונטערסיטנע — אַדי. וואָס איז אַ ביסל סיטנע (מעל וואָס איז אַ געמיש פֿון ווייניק ווייץ און אַ סך קאָרן). 1. אין טייל ערטער — שוואַרצער ווי סיטנע. 2. אין טייל ערטער — ווײַסער ווי סיסנע.
אונטערסילוקן — [...סילעקן] טרוו. סילוק

אונטער, ~געסילוקט. 1. סילוקן, אָפּצאָלן, אויסצאָלן (אַ חובֿ) ניט מיטאַמאָל, צו ביסלעך, ראַטעסוווײַז. „דעם גאַנצן באַטרעף מיטאַמאָל בין איך ניט בכּוח אָפּצוצאָלן, אָבער איך וועל א, בײַ יעדער מעגלעכער געלעגנהייט„. רייד.
2. געבן געלט געהיים. א, דעם נאַטשאַלניק פֿאַר דער טובֿה.

אונטערסינקעווען — טרוו. ־קעווע אונטער, ~געסינקעוועט. אַרײַנטאָן בלויעכץ, סינקע אין געוועש צו ביסלעך, אַ ביסל. א, די לײַלעכער.

אונטערסלוזשען — אוטוו. ־זשע אונטער, ~געסלוזשעט. סל. 1. פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך דינען, באַדינען עמעצן מיט אונטערטעניקייט אָדער מיט כלומרשטער געטרײַשאַפֿט. א, ווי אַ פּאַנשטשיניק דעם פּריץ [דאַטיוו]. א, ווי אַ הונט. 2. אַ קורצע צײַט דינען אין דער (רוסישער) אַרמיי. א, און דערנאָך באַפֿרײַט ווערן ווײַל מע האָט געקראָגן אַ בראָך ־עכ□ן ־עניש.

. .

אונטערסלוכען — טרוו. ־כע אונטער, ~ געסלוכעט. סל. אונטערהערן בשתיקה, פֿון דער זײַט (מיט דער כּוונה צו טרײַבן רכילות). א, אַ סוד. א, און מסרן.

אונטערסליחה(נע)ן — [...סליכענען] טרוו. סליחה(ן) אונטעד, ~געסליחה(נ)ט. (פֿאַרשטעלט) מסרן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. זײַן אַ שמעלקע מיטן פּריסטאַוו און א, אייגענע חבֿרה. א, פֿאַר דער פּאָליציי. ,,איך האָב מורא געהאַט דאָס מע זאָל ניט אונטערסליחהן איו דער פּאָליציי,,, אמד, די קאָוונער בריקע (בויד), ווילנע 1874.

אונטערסלינ(י)ען — אוטוו. ־ג(י)ע אונטער, ~נעסלינ(י)עט. פֿון צײַט צו צײַט (ניט־ ווילנדיק) לאָזן רינען סלינע, שפּײַעכץ. א, ווי אַן עובֿר־בטל. אויך מיט ז י ך — א, זיך מיט אַ פֿעטער וועטשערע, מיט אַ פֿעפֿערדיקן וויץ.

אונטערסמאָטשקען, ~סמאָצקען — ־קע אונטער, ~געסמאָטשקעט, ~געסמאָצקעט. אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט סמאָטשקען, אַרויסברענגען הילכיקע קלאַנגען בײַם עסן מיט פֿאַרגעניגן. א, בײַם פֿעטן ביסן. טרוו — אַ ביסל סמאָטשקען, קײַען, זייגן, נאָגן. א, אַ מאַרכביין. ־עניש.

~געסמאַליעט. פּפֿ: ~סמאַל(י)ענען. 1. אָפּאונטערסמאַליען — טרוו. ־ליע אונטער,

בּרענען לײַכט, אַ בּיסל פֿון אונטן. א, די האָר
בײַם בּרענענדיקן ליכט. 2. אַ בּיסל
אָפּבּרענען עפּעס אויף אַ קליין פֿײַער. א, די
אָפּגעפֿליקטע גאַנדז פֿיג. „ער איז
אונטערגעסמאַ.
ליעט געוואָרן, ער האָט אָנגעוואָרן געלט“,
רייד. 3. אַ בּיסל פֿאַררייכערן, מאַכן
שוואַרצלעך. א, די סטעליע. 4. אונטערצינדן. א, דאָס

אונטערסמאָלען

אייגענע קרעמל און אָפּנעמען אַסעקוראַציע.
5. בּמקום־ווערבּ פֿאַר אונטערמסרן,
אונטערהעצן אע. א, דעם קאָנקורענט. ־עניש.
אונטערסמאָלען — טרוו. ־לע אונטער, ~
געסמאָלעט. אַ בּיסל אָדער פֿון אונטן פֿאַרשמירן
מיט סמאָלע. א, דאָס רודערשיפֿל.
אונטערסמאָקטשען, ~סמאָקצען, ~־
סמאָקען — טרוו. ־טשע, ־צע, ־קע אונטער;
~געסמאָקטשעט, ־צעט, ־קעט. דזוו
אונטערסמאָטשקען ←.
אונטערסמאָרען 1 — ־רע אונטער, ~
געסמאָרעט. אוטוו — כראָפּען צו בּיסלעך, מיט
איבּעררײַסן. טרוו — עפּעס אויסדריקן דורך

סמאָרען צו ביסלעך. א, גרויס צופֿרידנקייט.

אונטערסמאָרען 11, ~סמאַרקען, ~־

סמאָרקען — טרוו. ־רע, ־קע אונטער; ~געסמאַרקעט, ~געסמאָר(ק)עט. אויסשמירן לײַכט, צו ביסלעך, מיט אויסשיידונג פֿון דער נאָז, מיט שפּײַעכץ, מיט עפּעס פֿײַכטס און ברודיקס. א, דאָס נײַע גאַרניטערל. ־עכץ. ־עניש.

אונטערסמוכען — אוטוו. ־כע אונטער, ~ געסמוכעט. (אַקטיאָריש) לאַכן (ספּעצ אויף דער בינע) אָדער שטיקן זיך פֿון געלעכטער ווען מע דאַרף (טאָ) ניט. „דער גאַנצער כאָר אויף דער בינע האָט אונטערגעסמוכעט, ווען בײַ אליעזרן האָבן זיך געטרייסלט די אָפּגעקלעפּטע וואָנצעס„.

אונטערסמיקען — טרוו. ־קע אונטער, ~ געסמיקעט. 1. פֿירן מיט דעם סמיק, שפּילן פֿידל אָן קענטעניש, סתּם אַזוי זיך. א אַ

,

לידעלע. א, ווי אַ דאָרפֿישער קלעזמער. 2. וואול. פֿון צײַט צו צײַט האָבן געשלעכטלעכן פֿאַרקער. אויך מיט ז י ך — קזוו. ־עכץ. ־עניש.

אונטערסמען — ..סאַמען] טרוו. סם אונטער, ~געסמט. אונטערגעבן סם, גיפֿט בשתּיקה.

א, דעם שאָקאָלאַד, דעם שׂונא. אויך פֿיג. א, באַציאונגען. ־ונג.

אונטערסמענדזען — טרוו. ־דזע אונטער, ~געסמענדזעט. פּפֿ: ~סמענדזשען. סל. אונטערפּרעגלען צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן (פּעיאָ בײַטעם, אָנדײַט אויפֿן ריח אָדער רויך בײַם פּרעגלען). א, אַ פּרעזשעניצע אויף חזירפֿעטס. ־עכ◌ן.

אונטערסמערגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~געסמערגלט. לר. פּפֿ: ~שמערגלען. פּרעגלען צו ביסלעך (מיט אַ רויך, מיט אַ שלעכטן ריח). א, חלבֿ. ־עכ◌ן. ־עניש.

אונטערסעקרעטאַר — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע, ־שע, ־ס. געהילף פֿון סעקרעטאַר. „עס איז אַרײַנגעקומען אַ מיידל, עפּעס אַן א'קע... ווען ער האָט באַפֿוילן אַרײַנצורופֿן זײַן אַסיסטענט“, ש. ראָזענבערג, שלום אַש..., מיאַמי .1958

אונטערסערווירן — טרוו. ־וויר אונטער, ~(גע)סערווירט. 1. באַדינען, דערלאַנגען פֿון צײַט צו צײַט, אויף אַ ניט־רעגולערן אופֿן. אונטעררוקן. סערווירן עפּעס וואָס טויג ניט. א, פֿאַרשטונקענע פֿיש. 2. אונטערוואַרפֿן,

אונטערגעבן (בײַ אַ שפּי). א, דעם באַלעם.
־ןנג.
אונטערספּאָרען זיך — קזוו. ־רע זיך
אונטער, זיך ~(גע)ספּאָרעט. רוסיצ. צו
ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אַמפּערן זיך; זיך
מתווכח זײַן, קריגן זיו.
אונטערסקובען — טרוו. ־בע אונטער, ~
געסקובעט. סל. אונטערצופּן, אונטערפּליקן. „אַז
איך האַלט נאָר בײַם פּאַרוואַרפֿן די גענדז,
סקובע איך זיי שוין אונטער...אונטער די
פּאַכוועלעך“, שע, 'גענדז,.
אונטערסקראָבען — טרוו. ־בע אונטער, ~
געסקראָבעט. סל. 1. רײַבן, שאָבן צו ביסלעך,
אויף אַ לײַכטן אופֿן. א, די ברויט־דייזשע, די
לאָקשנברעט, די פּאַטעלניע. 2. אויף אַ
פּרימיטיוון אופֿן דורכפֿירן אַן אַבאָרט. 3.
אונטערזינגען מיט אַ נידעריקער שטים. א, אַ ניגון
מיטן געדיכטן באַס. ־עכן. ־עניש.
אונטערסקריפּען — ־פּע אונטער, ~
געסקריפּעט. אוטוו — 1. סקריפּען צו ביסלעך, מיט
איבעררײַסן. די רעדער סקריפּען אונטער. „דער

טיש האָט אונטער זײַנע שווערע באַוועגונגען אונטערגעסקריפּעט,,, דר, ה. זאַלאָטאַראָון, גש I, נ,,י 1924. ,,די נײַע שיך האָבן אונטערגעסקריפּעט“, בערג, נאָך אַלעמען. 2. אונטערהינקען. זיך קוים באַוועגן. ,,דער אינדוסטריאַליזאַציע־פּלאַן סקריפּעט אונטער,,, מ. ריבֿלין, טמז, 26 1965 I. טרוו — שפּילן צו ביסלעך, מיט סקריפּענדיקע קלאַנגען, שפּילן שלעכט. א אַ ניגונדל אויפֿן פּידל ־עכץ. ־עניש.

, .

אונטערסראַטשען — טרוו. ־טשע אונטער, געסראַטשעט. פּד. אויך מיט ז י ך. וואול. אונטערדאָסן. א, עמעצנס נאָמען, עמעצנס פּרנסה.

אונטערסראַל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אונטער, ~געסראַל(י)עט. סל. מג. דזוו דפֿוו.

אונטערסרהע(נע)ן — [...סאַרכע(נע)ן] טרוו. סרחע, סרחן אונטער, ~געסרחעט, ~ געסרחנט. שטאַרק אונטערשטינקען ־עניש.

.

אונטערסרסרן — [...סאַרסערן] טרוו. סרסר אונטער, ~געסרסרט. מעקלערן, פֿאַרמיטלען בֿון צײַט צו צײַט, ניט כּסדר. א, אַז עס מאַכט זיך אַ געשעפֿטל.

אונטערעגבערן — טרוו. ־ער אונטער, ~

געעגבערט. 1. בּויערן, דרילן, מאַכן אַ לאָך
מיט אַן עגבּער פֿון אונטן. א, די טיר. 2.
עגבּערן צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. אויך
פֿיג פֿון צײַט צו צײַט צושטיין (צו עמעצן)

.

מיט נאַרישעוואַטע, לאַנגווײַ□.קע רייד, מיט
אומגעלומפּערטע פּלענער, אײַבּערהמצאות אדגל.
א, ווי אַ זלידנע ייִדענע. ־ונג. ־ניש.

אונטערעדותן זיך — [...איידעסן] אוטוו.
עדות זיך אונטער, זיו ~געעדותט. פּרוּוון
זיך ריינוואַשן פֿון אַ בּאַשולדיקונג מיט שוואַכע
בּאַווײַזן; זיך פֿאַררופֿן אויף אומצוטרוילעכע
עדות. א, זיך מיט דעם טויבּן שמשׂ און
בּלינדן אורח.

אונטעדעוולען, ־להן — [...אַוולען] טרוו.
עוול(ה) אונטער, ~געעוול(ה)ט. פֿטמ. פֿון צײַט
צו צײַט האַנדלען ניט־יושרדיק; אָפּטאָן אַ צאָל

אונטערעקיש

קלענערע עוולות בּמשך אַ צײַט. א, לגבּי אַ
פֿרײַנד ווי אַ קהלשער קאָכלעפֿל.

אונטערעיפּושן — [...איפּעש□I אוטוו. עיפּוש
אוגטער, ~געעיפּושט. אַ בּיסל אָדער צו

ביסלעך אַרויסגעבן (פֿון זיך) אַ שלעכטן ריח. די אייער עיפּושן שוין אונטער. א, מיט זײַן יעדער אַרײַנקום. „ר, שלמה האָט זייער גוט אַרויסגעזען אַז די דאָזיקע קרעניצע...האָט אָנגעהויבן מחילה א'„, ממוס, שלמה. אויך פֿיג. זײַן שרײַבן עיפּושט שוין אונטער פֿון גאַנצן
.
עסק עיפּושט שוין אונטער אויף אַ מײַל.

אונטערעמפֿינדלעכקייט — די (דאָס), ־ן. דטשמ. נר. שפּירעוודיקייט וואָס איז קלענער, שוואַכער ווי נאָרמאַל. „דאָ גייט ער [דער נאָרמאַלער מענטש] אַריבער אין דער ריכטונג פֿון איבערעמפֿינדלעכקייט, באַלד אין אַ צווייטער ריכטונג פֿון א'“, פֿגעז, ווילנע 4 1937, No.

אונטערענדיקן — טרוו. ־דיק אונטער, ~ געענדיקט. 1. פֿאַרענדיקן דאָס לעצטע ביסל אַרבעט. א, דעם גאַרניטער און — אַראָפּ פֿון טיש. 2. פּאַמעלעך, אָן חשק דורכפֿירן דעם לעצטן פּראָצעס פֿון אַן אַרבעט; אַרויסענדיקן מיט ווידערווילן. „ער מוז א, ווײַל מע שטייט אים איבערן קאָפּ“, רייד. 3. טייטן; מאַכן אַ סוף צו עמעצן. א, די פֿאַרוואונדעטע פֿערד. ־ונ . .

אונטערענטפֿערן — אוטוו. ־ער אונטער,

~געענטפֿערט. 1. ענטפֿערן (אויף אַ פֿראַגע, אויף עקזאַמענס) ניט מיטאַמאָל; ענטפֿערן מיט קווענקלעניש, מיט איבעררײַסן. בלײַבן שטיין ווי אַ גולם און קוים א'. 2. אונטערזאָגן עמעצן בײַם ענטפֿערן. „זאָל דער אַדוואָקאַט ניט א, דעם עדות"., ־ונג. ־ניש.

אונטערעסן — טרוו. עס אוגטער, ~געגעסן. 1. עסן עפּעס צווישן איין מאָלצײַט און אַ צווייטן; אָפּט כאַפּן אַ ביס. „מע ווערט פֿעט ניט פֿון עסן, נאָר פֿון א,". 2 איר. עסן אַ סך אָדער בשתּיקה, אַרײַנעסן. „דער אורח קעו, קיין מעשׂה ניט, א, ווי אַ פֿערד". 3. ברענגען שאָדן מיטן עסן. „די גאַנצע כאַליאַסטרע עסט מיך אונטער", רייד. 4. במקום־ווערב פֿאַר אונטערגריזשען, אונטערראָסטן אאַ. קאַליע מאַכן פֿון אונטן. דאָס וואַסער עסט אונטער דעם פֿונדאַמענט. דער זשאַווער קען א, דאָס אײַזן. ־עכץ. ־עניש. ־ער.

אונטערעצה(נע)ן — [...אייצע(נע)ה טרוו. עצה אונטער, ~געעצהט. 1. פֿון צײַט צו צײַט געבן אַן עצה. א, ווי צו רעדן מיט די בעלי־חובֿות. 2. שטילערהייט, בשתּיקה געבן אַן עצה. „ווער האָט אונטערגעעצהט דעם שידוך?„ 3. ראָטן עמעצן וואָס צו טאָן אין

אַ ניט־וויכטיקן ענין; ניט־געדנוויליק, אָן חשק
זײַן אַ בעל־יועץ. א, דעם שלימזל וואָס צו
ענטפֿערן. אויך מיט ז י ך — זיך האַלטן אַן
עצה. א, זיך מיט פֿרײַנד.

אונטערעקיש — אַדי. 1. וואָס איז אונטערן
עק. אַן א'ער בלאָטער. 2. אייפֿ. וואָס איז ווי
(פֿון) צואה, פֿון אונטער אַ בהמהשן עק. „ס'האָט
ניט קיין שום ווערט, ס'איז א'“. אויך סובּ.
„ער איז במחילה אַן א'ע□ — וואָס מייגסטו
דערמיט? — ער איז אַ שטיק דרעק“, רייד.

אונטערעקלען

אונטערעקלען — אומפּ. עקלט אונטער, ~
געעקלט. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט
האָבן דאָס געפֿיל פֿון עקל. עס עקלט מיך
אונטער פֿון די האַלבּ־פֿאַרפֿוילטע שפּײַזן. א, ביז
חלשות. „עס האָט זי אונטערגעעקלט פֿון
אַלטן מאַן„, רייד. עס עקלט אונטער פֿון דעם
פֿרעסן און זויפֿן פֿון די 'געסט'. אויך מיט
ז י ך.

אונטער□ע(ר) — קאָמפּאַראַטיוו פֿון אַדי
אונטער. דטשמ. נר. דזוו נידעריקער,
אונטערשטער. דער א'ער עטאַזש. וואוינען אויף
אַן א'ן עטאַזש. די א'ע שיכטן ערד. א'ע

קלאַסן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

או'נטערערד — די, ־ן. 1. אונטערשטע שיכט(ן) ערד. ערד אונטער דער אייבערשטער שיכט. אונטערגרונט. אונטערבאָדן. אַרץ פֿון א'. א'־וואַסער = וואָס קלײַבט זיך צונויף אָדער פֿליסט אונטער דער ערד. „אין א', אונטער פּאָדלאָגעס, אין היילן...האָבן זיך געפֿונען אַרסענאַלן„, סוצ, ווילנער געטאָ, בּ"א 1947.

2. אָפּגרונט. טוו פֿאַר דעם וואָרט שאול אין תּנך, וועלט פֿון די געשטאָרבענע. אַזוי איז תּי: „און זיי וועלן אַראָפּנידערן לעבעדיקערהייט אין א„, (בּמדבּר, טז, 30); „די רשעים וועלן אָנקומען אין א'" (תּהלים, ט, 18) אאַ.

3. אויך ד ע ר. אויך אונטערע'רד. אונטערערדישע באַוועגונג. א, אין די געטאָס. „דער א, פֿון די פֿראַנצייזישע מאַקי'ס איז געווען גוט אָרגאַניזירט". „איינס איז קלאָר: אַ רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע האָבן מיר פֿאַרענדיקט. צוריק אין א, וועלן מיר ניט גיין", י. יאָפֿע, אין קעסל־גרוב, מאָסקווע 1929.

אונטערערדיק — אַדוו. וואָס איז אונטער דער ערד, אין דער נידעריש, אויסבאַהאַלטן. „מיר זײַנען געווען זאַלבעצענט א'", סוצ, נעהיימשטאָט.

אונטערערדיש — אַדי. 1. וואָס איז
אונטער דער ערד. וואָס איז אין אונטערבּאָדן.
א, וואַסער. א'ע קאַטאַקאָמבּן. א'ע אויפֿרײַסן.
א'ע אַטאָם־טעסטן. ,,ער האָט מגלה געווען
דעם סוד אַז ער איז אַ געהיימער ייִד, אויו
האָט ער אים געוויזן די א'ע שול,,, יהל״ס
איבּז, דאַס ניהנס או􏰀ף דער וועלט, וואַרשע
1891. ,,דורך אָט די א'ע וועגן לויפֿט ער
[ווער קראָט] דורך אין די ערטער וואו עס
געפֿינען זיך ווערעם,,, בּילדער פֿון טהיר לעבּן,
ווילנע 1898. ,,אַז ער האָט געזען גנבֿים וואָס
גייען גנבֿענען און גראָבּן זיך אונטער א'.....,,
ספֿר שבֿחי רמ״ל, לעמבּערג [יאָר􏰀]. ,,די א'ע
בּאַן איז און פֿאַרנעמט אַ גרויס שטיק לעבּן
פֿון יעדן ניו־יאָרקער,,, לע, טמז, 18 XI 1964.
,,די קינדער פֿונעם קיבּוץ זענען שוין אָבּער
געווען בּאַהאַלטן אין דעם א'ן מקלט און
זײַנען אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק״, אפֿא, טמז,
27 XI 1964. 2. וואָס קומט פֿון אונטער
דער ערד. א'ע אַרצן, מינעראַלן. א'ער קוואַל.
א'ע רײַכטימער. ,,מע הערט נישט דאָס
דונערן פֿון א'ע קלעפּ,,, דא, שוואַרץ־רויט.
3. טיף, פֿאַרהוילן, פֿאַרבּאַהאַלטן. א'ער
אויפֿטו. א'ע מאָטיוון. ,,לידער א'ע — געהיימע

פֿאַרפֿאַלן,,, אַל II. ,,דער לעצטער מאָטיוו פֿון דאָסטאָיעווסקיס מאַכט איבער מענטשן: ער האָט געהאַט טיפֿע קעלערס, א'ע כּוחות האָבּן געווירקט אין אים,,, קאָר I.

4. וואָס איז בּאַהאַלטן, געהיים, ווײַל קעגן דער מאַכט; קאָנספּיראַטיוו. א'ע בּ אַ ו ו ע ג ו נ ג. א'ע ק ר ײַ ז ל ע ך פֿאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. א'ע טעטיקייט. אַן א'ע שול פֿאַר קינדער אין געטאָ. ''מיר האָבּן פֿאַר זיך אַ פּאַנאָראַמע פֿונעם אָפֿענעם און א'ן — ייִדישן און אַלגעמיינעם — געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן לעבּן פֿון יענער צײַט,,, שנ, שרײַבּער אין סאָוו, פֿאַרבּאַנד. ''עונג־שבּת, דער קריפּטאָנים פֿאַר דעם א'ן געטאָ־אַרכיוו,,, ישעיה טרונק, צוק, אַפּר, 1965.

אונטערערדישקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אונטערערדיש. ,,און אויך דער רייץ פֿון סודותפֿולן שטרײַט פֿון

,

שפּאַנענדיקער א', האָט ערנסט אים דאָך ניט

געקענט פֿאַראינטריגירן,,, אַל I. ,,אין רוסלאַנד
איז עס צוליב די צענזור־באַדינגונגען און דער
א, פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג געווען
פֿאַרשטעלט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקעך I.
או'נטערע'רדלער — דער, ־ס. וונ נב. ווער
עס פֿירט דורך אַן אונטערערדישע (←. ב4)
אַרבעט. ,,אַן א, אין עפֿיר יאָגט אָן אַ שטראָם“,
פמ, מלחמה. ,,דעמאָלט איז אונדזער
באַקאַנטער א'...מיט אַ פֿאָרשלאָג אונטערגעקומען“,
נסתּר, ,פֿון פֿינפֿטן יאָר,, סאָוו, היימלאַנד,
.No ,1964 1
אונטערערנערן — ← אונטערדערנערן.
אונטערפּאָגראָמירן — טרוו. ־מיר אונטער,
~פּאָגראָמירט. (סאַרקאַסטיש) שלאָגן, מאָרדן,
רויבן צו ביסלעך; פּאָגראָמירן אויף אַ
לײַכטערן אופֿן. ,,א, עטלעכע ייִדישע שטעטלעך
וואָלט מען מיט זיי געקענט“, רייד [וועגן אַ
קאָנגרעס פֿון פּויערים]. ־וננ.
או'נטערפּאָדוואַ'ל — דער, ־ן. סל.
נידעריקער קעלער, אונטער אַ העכערן קעלער.
,,שמאַטעס פֿוילן אין א'“.
אונטערפּאָדל(י)ע'ץ — דער, ־עס (־ן). וונ
נב. רוסיצ. איר. קלײנער, נישטיקער
אויסוואָרף. ,,ניין, ער איז ניט קיין גאַנצער פּאָדלעץ,

ער איז בסך־הכּל אָן א',,, רייד.

אונטערפּאַדע(נע)ן — אוטוו. ־דע אונטער, ~געפּאַדעט. לר. חנפֿענען אַ ביסל; פֿון צײַט צו צײַט אַרויסוויזן עמעצן איבערגעטריבענע אויפֿמערקשאַפֿט, וועלן צוטרעפֿן. א, דעם דירעקטאָר פֿון דער פֿאָלקסבאַנק. א, אַרום דער שיינער דאַמע. ־עניש.

אונטערפּאָרעשווע — די, ־ס. (שוסטער ד)
דאָס וואָס מע לייגט אונטער אונטער אַ פּאָדעשווע.

אונטערפּאָרקאָ'ווען — טרוו. ־קאָווע אונטער, ~(גע)פּאָדקאָוועט. פּפֿ: ~פּאָ'דקעווען. אונטערשמידן. אַרויפֿלייגן פּאָדקעוועס. א, די פֿערד און זיך לאָזן אין אַ ווײַטער יאַזדע.
מיט ז י ו — (שפּאַסיק) באַנײַען די כּוחות, זיך קרעפֿטיקן (ווי אַן אָקערשט אונטערגעפּאָדקאָוועט פֿערד). זיך א, מיט אַ שנעפּסל.

אונטערפּאַכט

אונטערפּאָדר(י)אַטשיק — דער, ־עס. וונ נב. געהילף אָדער אַרויסהעלפֿער פֿון פּאָדראַטשיק; ווער עס נעמט אויף זיך אויסצופֿירן אַ סייל פֿון פּאָדראַד. ,,אַ באַן־פּאָדראַטשיק מוז

האָבן אַ סך א'עס“.
אונטערפאַזעווען — טרוו. ־זעווע אונטער,
~געפאַזעוועט. (סטאָליעריי) הובלען פֿון
אונטן כדי צו מאַכן דינער ברעטלעך וואָס מע
דאַרף זיי אַרײַנפֿאַסן אין אַ רינווע. א אַ
ברע,
טל. פֿרגל ~פֿאַזעווען.
אונטערפאַטשן — טרוו. פאַטש אונטער, ~
געפאַטשט. 1. פאַטשן פֿון צײַט צו צײַט;
פאַטשן בשתּיקה. „שש...זי פאַטשט אים אונטער
...דעם מאַן הייסט עס„, שע, ,דאָס טעפל'.
2. פאַטשן קוים־קוים, צו ביסלעך. „דער
לאַנגער לעטניק האָט אים אונסערגעפאַטשט פֿון
הינטן אין די פיאַטעס“, שע, מע◌Iיות פֿאַר
ייִדישע קינדער I. 3. אוטוו. פאַטשן אָ ביסל.
א, מיט די פֿליגלען. א, מיט דער צונג. 4.
שפאַסיק, אַנשטאָט אַפּלאָדירן [אָנצוהערעניש, אַז
מע האָט שלעכט געשפילס, גערעד◌].
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערפאַטשקען — טרוו. ־קע אונטער,
~געפאַטשקעט. 1. צו ביסלעך (פֿאַר)פאַטשקען.
א, די בענקלעך. פֿיג. א, יענעמס נאָמען.
2 פֿאַרפאַטשקען פֿון אונטן. א, די הויזן אין
.

דער בלאָטע. 3. איר. שלעכט (אונטער)
שרײַבן. א, דעם נאָמען. א, עטלעכע קורצע
דערציילונגען. 4. במקום־ווערב פֿאַר שלעכט אָדער
אין אײַלעניש אונטערפֿאַרבן אע. א, די ווענט
מיס אַ מיתה־משונה־קאָליר. אויך מיט ז י ך
— „איך וועל זיך מיט אַזאַ איינעם ניט א', ער איז
אַ מיאוסע בריאה„, רייד ־עכץ. ־עניש.
.
־ער. ־ערײַ.
אונטערפֿאַ א'צעווען — אוטוו. ־צעווע
אונטער, ~(גע)פֿאַיאַצעוועט פֿון צײַט צו צײַט,
.
צו ביסלעך זיך פֿירן ווי אַ פּאַיאַץ, אַ קלאָון.
א', די קינדער זאָלן לאַכן. א, און אַרײַנזאָגן
אין דער זיבעטער ריפּ.
אונטערפּאָיען — טרוו. פּאָיע אונטער, ~
געפּאָיעט. 1. געבן צו טרינקען אַ באַשעפֿעניש
צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, די פֿערד
בײַם ערשטן ברונעם אין וועג. 2. פּעיאָ וועגן
מענטשן. אָנשיכּורן. א, די פּויערים מיט
אָקעוויט. ־עניש.
אונטערפּאַכווע — די, ־ס. פּאַכווע.
פֿאַרטיפֿונג אין אייבערשטן אָרעם אונטעדן אָקסל.
טייל פֿון אַ מלבוש וואָס פֿאַרדעקט די פּאַכווע.

האָריקע, שווייסיקע א., ־דיק — אדי. „אין צימער האָט געשמעקט מיט א'ן שווייס“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿונעם אַלקער, מאָסקווע 1927.

אונטערפֿאַכוועניק — דער, ־עס. שטיקל שטאָף וואָס פֿאַרהיט אַז די בלוזע, דער מלבוש בכלל, זאָל ניט דורכשוויצן אונטער די פֿאַכוועס.

אונטערפֿאַכט — די, ־ן. טייל פֿון אַ פֿאַכט, אַרענדע, געדונגען דירעקט פֿון גוטבאַזיצער אָדער פֿון אַ גרעסערן פֿאַכטער. „די שטאַלן מיט די קי — דאָס איז שוין געווען אַן א„„ וייד.

אונטערפֿאַכטער

אונטערפֿאַכטער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס דינגט אָפּ אויף פֿאַכט (באָדן, קרעטשמע אדגל) בײַ איינעם וואָס האָט אַליין געפֿאַכט בײַם גוטבאַזיצער.

אונטערפֿאַלאַטע — די, ־ס. 1. נידעריקערע געריכט־אינסטאַנץ (לגבי אַ העכערער). איבערקלאָגן פֿון דער א, אין דער אייבערפֿאַלאַטע. 2. אין פֿאַרלאַמענטאַרישע רעזשימען וואָס האָבן צוויי 'הײַזער, — דאָס אונטערשטע הויז. „אין לאַנד איז פֿאַראַן אַ מלוכה־ראָט,

אַ סענאַט, און אַן א, פֿון דעפּוטאַטן“. 3.
אָפּטייל אין אַ רעגירונגס־אַמט וואָס האָט אַ
קלענערן שטח צו פֿאַרוואַלטן און האָט ווינציקער
מאַכט צו באַשליסן לגבי אַ העכערער
פּאַלאַטע. אין מיניסטעריום פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט —
אַן א, פֿאַר וועלדערײַ.
אונטערפּאַלגע — דער, ־ס. וונ נבֿ.
אונטערשנײַדער; מיט ביטול וועגן אַ געזעל בײַם
שנײַדער. אַן א, מיט קרומע פֿיס.

פּאַליעט. סל. פּפֿ: ~פּאַליעווען.
אונטעראונטערפּאַליען — טרוו. ־ליע אונטער, ~

גע

▯

הייצן, שטאַרק אײַנהייצן. א, דעם אויוון, די
רובֿע, די באָד. ־עניש.
או'נטערפּאָליציאַ'נט — דער, ־ן. געהילף
פֿון פּאָליציאַנט; פּאָליציאַנט פֿון אַ נידעריקערן
ראַנג. געבן לאַפּוּוקע דעם א'.
א   י'צמײַסטער — דער, ־ס. פּפֿ:

מײַסטער. געהילף פֿון שעף

ׁ

פֿון דער פּאָליצײ (אין אַ גרעסערער שטאָט אין צאַרישן רוסלאַנד). אַן א אַ שׂונא־ישׂראל.

׳

אונטערפּאָלירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~(גע)־פּאָלירט. 1. פּאָלירן, פּוצן מיט פּאָליטור פֿון אונטן. א, די פֿיסלעך פֿון טיש. 2. פּוצן מיט פּאָליטור אַ ביסל, ניט גרינטלעך. א, דעם טיש. 3. צופּאָלירן, צופּוצן. א, דעם בריליאַנט. א, דעם אַרטיקל. ־ונג.

אונטערפּאָ'לסטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~געפּאָלסטערט. אַמ. אונטערלייגן עפּעס אין מעבל, עס זאָל זײַן ווייך. א, די קאַנאַפּע, דעם פֿאָטערשטול מיט פֿילץ, וואַטע אע. ־ונג.

אונטערפּאַלעאָזאָאיש — אַדי. < גר < איי. (געאָלאָגיע) וואָס איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו) דעם עלטסטן צײַטאָפּשניט פֿון דער פּאַלעאָזאָאישער ערע, צווישן דער פּראָטעזאָאישער און מעסאָזאָאישער ערע. א'ע צײַט. א'ע פֿעלדזן.

אונטערפּאָלע(נע)ן — טרוו. ־לע אונטער, ~געפּאָלעט. פּפֿ: ~פּאָלעוען. אונטערריעטן. צו ביסלעך, ניט גרינטלעך אויסרײַסן איבעריקע (שעדלעכע) געוויקסן (גראָזן, דעתער).

א, דעם גאָרטן אין אײַלעניש. ־עניש.
אונטערפּ וניק — דער, ־עס. ונ ־ניצע,
־ס. פּפֿ: קאָווניק. ערשטער ראַנג נאָך
אַ פּאָלקאָווניק (אין דער רוסישער, פּוילישער
אַרמיי). „איינער פֿון די פֿאַרוואונדעטע איז
געווען אויו דער קאָמיסאַר פֿון גרענעץ, דער
א'..... בּונד, ווי די כינעזער האָבּן
בּאָמבּאַרדירט בּלאַגאָוועשטשענסק, לאָנדאָן 1902.
אונטערפּאָמאָטשניק — דער, ־עס. (איר)
אַרויסהעלפֿער פֿון געהילף. „סײַדן מע זאָל
צו איטלעכן פּאָמאָטשניק פֿון אַ גלאַוונעם

בּעלטובֿה צוזעצן אַ הונדערט א'עס און זיי אַליין
וועלן זיך שוין זאָרגן...פֿונוואַנען צו בּאַקומען
זייער געהאַלט“, ממוס, קליאַטשע.
אונטערפּאָמפּ(ע)ן — טרנז. פּאָמפּ(ע)
אונטער, ~געפּאָמפּ(ע)ט. 1. אַרויסציִען
פֿליסיקייט מיט אַ פּאָמפּ(ע) צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט. א, וואַסער פֿון בּרונעם. א, דעם בּרונעם.
2. אַרײַנדריקן לופֿט. א, די רעדער פֿון
ראָווער. א, די פּילקע. 3. פֿיג. צו בּיסלעך
אַרויסקריגן (ידיעות, געלט אאַ). א, דעם רײַכן פֿעטער,
ווען עס ווערט ענג. א, דעם משרת צו וויסן
וואָס עס טוט זיך בּײַ די בּעלי־בּתּים. 4. וואול.

וועגן סעקסועלע באַציאונגען. 5. צוגעבן מוט.

א, די שפּילערס. ־עכ׳ן. ־עניש.

אונטערפאַן — דער, ־עס. ווער עס איז אונטער אַ פאַן. באַגלייביקטער מענטש אונטער אַ פאַן; אָנגעשטעלטער בײַם פריץ מיט ברייטע פֿולמאַכטן. מע לײַדט אי פֿון פאַן אי פֿון א'.

אונטערפאַנעווען — ־נעווע אונטעו, ~ געפאנעוועט. אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט לעבן — (זיך פֿירן) ווי אַ פאַן, ברייט, אויסגעבן אַ סך געלט. א, אוו בלייַבן מיט אַ נאַקעטן זײַט־מירמוחל. טרוו — 1. פֿאַרציִעו; אונטערקעכלען. א, דעם בײַבאַק. 2. אַרויסווײַזן צו עמעצן אַ באַציאונג ווי צו אַ פאַן, אַ שׂררה; אונטערחנפֿענען, אונטערדינען. א, דעם שטאָטישן גבֿיר. מיט ז י ך — פֿון צײַט צו צײַט זיך אויפֿפֿירן באַגלײַך ווי מע וואָלט געווען אַ פאַן. זיך א, און ניט פֿאַרמאָגן קיין גראָשן בײַ דער נשמה.

אונטערפאַנצער — דער, ־ס. אונטערשטער פאַנצער אָדער די אינעווייניקסטע זײַט, דער אונטערשלאַק פֿון פאַנצער. „און אַ מאַן האָט אָנגעצויגן זײַן בויגן...און האָט געטראָפֿן דעם מלך פֿון ישׂראל צווישן דעם א, און דעם ברוסטשילד„, תּי, דבֿרי הימים ב, יח, 33.

אונטערפּאַנצערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געפּאַנצערט. 1. באַפּאַנצערן, פֿאַרפּאַנצערן פֿון אונטן. א, די שענקלען און די קני. א, אַ וואַגאָן. 2. בכלל אונטערפֿעסטיקן. א, די פֿאַרטיידיקונג מיט נײַע באַווײַזן. אויך מיט ז י ו. ־וננ.

אונטערפּאַנקעווען — [ווייכע נ] טרוו. ־קעווע אונטער, ~געפּאַנקעוועט. אונטערפּיעשטשען, אונטערקעכלען. א, די קינדער. א, דעם קראַנקן מאַן. אויו מיט ז י ו.

אונטערפּאָסטן — דער, ־ס. 1. פּאָסטן, אַמט פֿון אַ נידעריקערן ראַנג, פֿון מינערער וויכטיקייט. זיך ניט אויסטויגן אויך פֿאַר אַן א'. 2 צווייטיקע וואַך. פּאָזיציע אויף אַ פֿראָנט. נאָר איין ראָטע איז אויפֿן א'.

אונטערפּאַסיקן — טרוו. ־סיק אונטער, ~ געפּאַסיקט. נעאָל. אונטערגאַרטלען מיט אַ פּאַסיק. א, די בלוזקע, דאָס קליידל. אויד מיט ז י ך.

אונטערפּאַסירן — אומפּ. פּאַסירט אונטער, ~פּאַסירט. 1. פּאַסירן, געשען, טרעפֿן זיך צופֿעליק, אומגעריכט. עס קען א, דווקא ווען מע ריכט זיך ניט. 2. (ספּאָרט) צוּוואַרפֿן, איבערגעבן. אונטערדערלאַנגען אַ פּילקע צו אַ

מיטשפּילער. „שיס ניט אין גאָל, פּאַסיר מיר

או ␣נמערפּאַקן

אונטעו די פּילקע„, רייד. 3. דזוו
אונטערפּאַסן, בּ2.

אונטערפּאַסמע — די, ־ס. (שנײַדער ␣)
פֿאָדעם פֿון אַ בּיליקערן סאָרט וואָס מע לייגט
אַרײַן אין דער מאַשין אונטער דעם אייבּערשטן
פֿאָדעם (פֿאַר דעם געניי אויף דער לינקער
זײַט).

אונטערפּאַסן — טרוו. פּאַס אונטער, ~
געפּאַסט. 1. אַ בּיסל צופּאַסן, עס זאָל שטימען,
האַרמאָנירן. א אַ הוט צום טואַלעט; א, אַ

,

קראַוואַט צום גאַרניטער. א, אַ שידוך. 2. (
קאָרטנשפּיל) פֿון צײַט צו צײַט זאָגן פּאַס. ניט
בּאַטייליקן זיך אין אַ דינגעניש בּײַ אַ שפּיל;
זיך אָפּזאָגן פֿון אַריבּערשטײַגן פֿון א, קען

„ .

מען קיין געלט ניט געווינען“. 3. צופּאַסן,
צוקלײַבּן. א, אַ שליסל צום שלאָס. 4. לאָקל.
מאַכן מונטערער, פֿאַרווײַלן. „מיר וועלן א,
דײַנע קאָראָסטענער„, ה. אָרלאַנד. ־ונג.

־עניש.
אונטערפּאַסקור(י)ען, ־דזיען, ־דזשען —
אוטוו. ־ד(י)ע, ־דזיע, ־דזשע אונטער; ~(גע)־
פּאַסקוד(י)עט, ־דזיעט, ־דזשעט. 1.
אונטערבּרודיקן, אָנחזירן. א, ווי אַ שיכּורניק אין שענק.
2. אונטערשטעלן אַ פּיסל; אָפּטאָן אויף אַ
מיאוסן אופֿן. א, עמעצן [דאַטיִ] מיט אַ מסירה.
־עניש.
אונטערפּאַפּלען — טרוו. ־פּל אונטער, ~
געפּאַפּלט. (אין כּלומרשטן קינדער־לשון) אַ ביסל
עסן. געווייינטלעך איר וועגן פּרעסן אַ סך. דער
קליינער קען קיין עין־הרע (ניט) א'.
אונטערפּאַפּן — טרוו. פּאַפּ אונטער, ~
געפּאַפּט. אונטערקלעפּן, אונטערשמירן מיט פּאַפּ.
א, די טאָוולען פֿון בוך.
אונטערפּאַצאַפּען — טרוו. ־פּע אונטער,
~פּאַצאַפּעט. פּפֿ: —פּאָ... סל. 1.
וואוילױונגעריש. בשתיקה אָדער גיך עפּעס קריגן,
אַרויסכאַפּן. א, אַ מציאה. 2. במקום־ווערב פֿאַר אָפּנאַרן,
אַוועקגנבֿענען, אַוועקכאַפּן אע. א אַ בײַטל מיט
,
געלט. אויך פֿאַר: אַרײַנקריגן, אַרײַנכאַפּן אין
די הענט. „וועל איך אים נאָר א„ וועט ער
מיט גאַנצע ביינער ניט אַרויס„, רייד.

אונטערפּאַקן — טרון. פּאַק אונטער, ~ געפּאַקט. פּפּ: ~פּאַקעווען. 1. פּאַקן פֿון אונטן. א, וועש אונטער די קליידער. א, וואַטע אוו דערנאָך אײַנפּאַקו גלאָזוואַרג. 2. אונטערלייגן (עס זאָל אויסזען ברייטער, גרעסע). א, די באָקעס; א, דעם פּאָרנט. 3. אָנלייגן, אַרײַנלייגן. א, היי אין זאַק. 4. אַ ביסל צופּאַקן. א, דעם האַלב־ליידיקן קופֿערט. 5. אַרײַנגעבן נאָך שפּײַז. אַרײַנעסן. א, דעם מאָגן, די קישקעס. *א, דעם פֿינצטערן טשעמאָדאַן = א, דעם מאָגן. 6. במקום־וועדב פֿאַר אַרײַנקריגן, אַרײַנכאַפּן. א, דעם גנבֿ (בײַ דער האַנט). א, דעם יאָלד און אַרויסנאַרן פֿון אים עפּעס. א, אַ גוטע קאָרט. א, די ריכטיקע סחורה. א אַ יידענע, שוין איינמאָל אַ מרשעת.

,

־ונג. ־עכן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערפּאַקן, ~פּאַקעווען זיך — אוטוו. 1. ← דפֿוו. 2. אָנעסן זיך איבער דער מאָס. א, זיך און אײַנשלאָפֿן. „געפּטרט ב"ה די

אונטערפּאַרטאַ'טש

ערשטע סעודה, דער עולם האָט זיך גוט

אונטערגעפּאַקט אָן עין־הרע,,, דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

אונטערפּאַרטאַ'טש — דער, ־עס. וונ ־קע, ־ס. ווער עס איז נאָך ערגער ווי אַ פּאַרטאַטש; אַ פּאַרטאַטש פֿון אַ נידעריקער מדרגה.

אונטערפּאַרטאַ'טשעווען — אוטוו & טרוו. ־טשעווע אונטער, ~(גע)פּאַרטאַטשעוועט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט מאַכן אַן אַרבעט ווי אַ פּאַרטאַטש, שלעכט, ניט־געראָטן. א, בײַ אַן אַרבעט. א, די לעצטע באַשטעלונג. א אַ

,

ראָלע.

אונטערפּאַרטיי — די, ־ען. טייל פֿון אַ פּאַרטיי פֿראַקציע אין אַ פּאַרטיי. ,,אויף דער

— ,

פֿאַרזאַמלונג האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל די רוסיש־פּוילישע ציוניסטן געשפּאָלטן אויף דרײַ א'ען", פּרץ, ג נדאַנקען און אידייען.

אונטערפּאָרן — טרוו. פּאָר אונטער, ~ געפּאָרט. אויספּאָרן בשתיקה, מיט אַ באַהאַלטענעם פּלאַן. ,,מע האָט בכּיוון געשיקט אין די שטעטלעך אַ לערער און אַ לערערקע. מע האָט זיי אונטערגעפּאָרט, און עס זײַנען טאַקע געווען שידוכים אויך,,, רייד (קאָוונע.) —ונג.

אונטערפֿאַרען — טרוו. ־רע אונטער, ~ געפֿאַרעט. 1. (אויס)פֿאַרען, לאָזן פֿאַרע פֿון אונטן. א, די באָד. א, די וועש אין באָו.
2. ביסלעכוויַיז אָדער פֿון צײַט צו צײַט פֿאַוען. א, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו בײַם בלײַבן שטיין.
3. אַ ביסל פֿאַרען. ניט קאָכן מער, בלויז א, און אָנוואַרעמען דאָס געקעכטס. א, טײ.
4. דזוו אויספֿאַרען. א, אַ מכּה. 5. אוגטערגעבן היץ. אונטערהעצן. א, די וואָס קריגן זיך. אויך מיט ז י ד. ־עכ ן. ־עניש.
אונטערפֿאַרפֿומירן — טרוו. ־מיר אונטער, ~פֿאַרפֿומירט. פֿאַרפֿומירן, באַשפּריצן מיט פֿאַרפֿום צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, (הינטער) די אויערן, דעם דעקאָלט'ע. אויך מיט ז י ך. א, זיך פֿאַרן גיין מיטן קאַוואַליר.
אונטערפֿאָרקען — טרוו. ־קע אונטער, ~ געפֿאָרקעט. 1. (אין אַ מילדער פֿאָרעם) אונטעןשטופּן, אונטערשטויסן. א, די געזעלן, זיי זאָלן גיכער אַרבעטן. א, די אָקסן, זיי זאָלן גיין.
2. אונטערהעצן אַ ביסל (מיט רייד, שטעכווערטלעך). א, דעם מאַן, ער זאָל ניט גלייבן דער שוועגערין.
אונטערפֿאָרקען זיך — ← דפֿוו. פֿון צײַט צו צײַט זיך פֿאָרקען בײַ אַן אַרבעט, זי טאָן

פֿלעגמאַטיש, אָן חשק. מיט אַזאַ א, זיך וועט
עס געדויערן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. ־עכץ.
־עניש.

אונטערפֿאַשן — טרוו. פֿאַש אונטער, ~
געפֿאַשט. 1. (גנבֿיש) אונטעררוקן אַ געגנבֿעטע,
פֿאַלשע אָדער טרייפֿע זאַך. פֿאַרקויפֿן צו
ביסלעך געגנבֿעטע סחורה. א, אַ גלאַנציק שטיינדל
פֿאַר אַ בריליאַנט. אַ קצבֿ וואָס פֿאַשט אונטער
טרפֿות. 2. דזוו אונטערפֿאַסן, ב2.

—עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערפֿאַש — טרוו ־שע
ען .

1. פֿאַשען פֿון
אונטער, ~
געפֿאַשעט. אויך: ~פֿאַסען.
צײַט צו צײַט אויף אַ פֿעלד, אויף ווייד (

פֿאַ1 ,

שע). א, דאָס פֿערדל אויף דער לאָנקע. 2.
געבן (לאָזן) אַ בהמה עסן אַ ביסל, צו ביסלעך
(אין אַ שטאַל). „ווען מע האָט באַדאַרפֿט
אָפּשטעלן זיך, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן
אָדער א, די פֿערד„, שע, אַלט־נײַ־כתרילעווקע.

‘‘שטעלן זיך אָפּ אין דער קרעטשמע א,,,, אַש, שטעטל. שפּאַסיק אויך וועגן מענטשן. 3. אונטערקאָרמען. געבן אַ סך צו עסן. א, די אויסגעמאָגערטע קינדערלעך. א, דעם איידעם. א, אַ בײַכל אויף געגדזענע פּופּיקלעך. א, גענדז אויף חנוכּה (פּסח). אויך מיט ז י ך — ,,דער דעריש האָט זיך אָן עין־הרע אונטערגעפּאַסעט אויף ר, זײַנוולס קעסט‘‘, י. ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896. זיך א, בײַ שווער און שוויגער אויף קעסט. ־עכץ. ־עניש.

אונטערפּגרן — [...פּייגערן] אוטוו. פּגר אונ.. טער, ~געפּגרט. 1. האַלטן עטלעכע מאָל בײַם פּגרן. ,,דער אַלטער כּלבֿ האָט שוין אונטערגעפּגרט, און דאָך שלעפּט ער נאָך די פֿיס‘‘, רייד. 2. (סאַרקאַסטיש) לײַדן הונגער צו ביסלעך, אונטערהונגערן. ,,איר וועט אַ ביסל פֿריִער א, גוט פֿאַר הונגער,,, שע, 'מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער,.

אונטערפּודערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געפּודערט. 1. באַשיטן, באַדעקן מיט פּודער צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. כאַפּן אַלע ווײַלע אַ קוק אין שפּיגל און א, דאָס פּנים. 2. פּודערן פֿון אונטן. אונטערשיטן. א, דעם

קינדס פֿיסלעך מיט טאַלק. א, דעם קוכן מיט
מעל. אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־ניש.
אונטערפּוטע(נע)ן — אוטוו & טרוו. ־טע
אונטער, ~געפּוטעט. פּפֿ: ~פּוטעווען. סל.
1. אונטערפּלאָנטערן. אַ ביסל צעפּלאָנטערן. א,
(ביַי) די חשבונות. ווערן צעטומלט און א,
ביַים ענטפֿערן. 2. אונטערדוקן (אָפּצונאַרן).
א, אַ פֿאַלשע מטבע. א, אַ באָק פֿאַר אַ ציג.
אויך מיט ז י ך. א, זיך אונטער די פֿיס.
א, זיך און ניט וויסן ווי אַזוי זיך
אַרויסצודרייען. ־טעניש.
אונטערפּוטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געפּוטערט. 1. אונטערשמירן מיט פּוטער. א,
די פֿאַן. א, דעם פֿיַינקוכן. 2. (אין
פֿאַרשטעלטן לשון) געבן כאַבאַר, אונטערקויפֿן. א, דעם
ניַיעם פּריסטאַוו. 3. בכלל מאַכן ווייכער. א,
מיט קאָמפּלימענטן. ־ונג. ־ניש.
אונטערפּויזען — אוטוו. ־זע אונטער, ~
געפּויזעט. אונטערקריכן (אויף אַלע פֿיר). נאָך
קיין יאָר ניט אַלט און ער קען שוין א'. 2.
אונטערקומען קריכנדיק. א, צום שׂונאס לאַגער.
אונטערפּויקן — אוטוו & טרוו. פּויק אונטער,
~געפּויקט. 1. פּויקן פֿון צ
ַיט צו ציַיט,
צו ביסלעך. א, ביַים מאַרשירן. א, מיט די

פֿינגער אין שויבּ. א, דעם מאַרש. 2 פֿיג.

.

שלאָגן מיט פֿויסטן. אונטערבּוכצען. א, עמעצן (אין) די זײַטן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערפּוישן — טרוו. פּויש אונטער, ~ געפּוישט. 1. אָנפּוישן פֿון אונטן. א, די הויזן מיט קאָנטראַבּאַנדע. 2. מאַכן עס זאָל צו בּיסלעך אַרויסשטאַרצן. א, דעם בּויך מעשׂה נגיד.

אונטערפּושן

א, דעם זאַק פֿעדערן. אויך מיט ז י ך — עסן צו פֿיל און קריגן אַ בּויך.
אונטערפּומפּ(ע)ן — טרוו. פּומפּ(ע) אונטער, ~געפּומפּ(ע)ט. דזון אונטערפּאָמפּען. ספּעצ: 1. פּומפּ(ע)ן צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, וואַסער. 2. וואוילײַונגעריש. אָנשלאָגן אָדער שטעכן מיט אַ מעסער, עס זאָל אַרויס בּלוט. ־עניש.
אונטערפּונקטירן — טרוו. ־טיר אונטער, ~(גע)פּונקטירט. שטעלן נקודות אָדער אַנדערע צייכנס פֿון אונטן. אונטערפּינטלען. א, דעם העבּרעאישן טעקסט. ־ונג.
אונטערפּוסטעווען — אוטוו. ־טעווע אונטער,

~געפּוסטעוועט פֿון צײַט צו צײַט פּוסטעווען,
.
זײַן אויסגעליידיקט, פֿאַרלאָזט. „די קרעטשמע
פּוסטעוועט אונטער אין די ווינטערדיקע חדשים“.
אונטערפּוצן — טרוו. פּוץ אונטער, ~
געפּוצט. 1. מאַכן ריין אַ ביסל, צופּוצן ווי
ניט איז. א, די נעגל. א, די לײַכטער. א, די
שטוב, ווײַל עס קומען געסט. *א, דעם פֿראָנט
(פֿאָתט) = א) ברענגען אין אָרדענונג,
אונטעררעמאָנטירן דעם פֿאַסאַד. „דײַן קרעמל זעט
אויס ווי אַ חורבֿה, פּוץ אונטער דעם פֿראָנט„„
רייד; ב) אַרומוואַשן, רײנער האַלטן דאָס פּנים.
אויך: בכלל זיך האַלטן ריינער. *פּוץ אונטער
דײַן נאָז = (שפּאָטיש) וויש אָפּ די נאָז. 2.
צופּוצן בכלל. א, דעם אַרטיקל, די רעזאָלוציעס.
3. (גנבֿים־שפּראַך) באַגנבֿענען פֿלינק,
גרינטלעך. אַרויסנעמען פֿון דער קעשענע,
אַוועקנעמען בשתיקה עמעצנס וואַליזע. א, די דירה.
א, דעם יאָלד. א, אַ פּעקל. דז מיט ביטול —
~פּוצקען. א, די שיקסע צו איר כאַסליערע.
אונטערפּוצן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.
זיך מאַכן שענער — אַ ביסל אָדער צו
ביסלעך. זיך צופּוצן אויף אַ ביליקן אופֿן. „און
ייִדישע נייטערקעס האָבן זיך אונטערגעפּוצט

און אויסגעגוידערט“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון
אַלקער, מאָסקווע 1927. א, זיך ווי צו אַ
כאַסליערע. 2. אוטוו. זיך חנפֿענען צו עמעצן,
זיך אונטערלעקן, זיך צומאַכן. זיד א, צום
באַלעבאָס, צו זײַן טאָכטע
.(
ר.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע
־ערײַ.
אונטערפֿורקע(נע)ן — טרוו. ־קע אונטער,
~געפֿורקעט. לר. פֿרגל ~פֿאָרקען. 1.
אונטערשטויסן, אונטערשטופּן (עמעצן) אויף אַ
לײַכטן אופֿן. א, די זײַטן. א, עמעצן אין די
זײַטן. א, דעם זייגער, וועט ער אָנהייבן גיין.
„נאַטירלעך, איז דער נס ניט געקומען
אינגאַנצן פֿון הימל, אַ ביסינקע האָט מען
אונטערגעפֿורקעט פֿון אונטן“. 2 פֿטמ. דערמאָנען,
.
וועקן, סטימולירן עפּעס צו טאָן. „מיר זײַנען
ניט אַבילע ווער, מיר וועלן זיי
אונטערפֿורקענען און זיי וועלן מאַכן אַ גרויסע אַסיפֿה„,
ווינטש I, נ„י 1920. מיט ז י ך = טאָן אַן
אַרבעט זייער פֿאַמעלעך (מחמת פֿינקטלעכקייט
אָדער הנאה בײַ דער אַרבעט). א, זיך מיט די

אינגעווייד פֿון זייגער. ־עניש.
אונטערפּושן — טרוו. פּוש אונטער, ~
געפּושט. אַמ. 1. אונטערשטופּן. א, אַ וועגעלע

אונטערפּיאַנעווען

(פּושקאַרט). א, די אַרבעטער. א, די זאַך. 2. זיך
משתּדל זײַן פֿאַר עמעצן; עמעצן פּראָטעזשירן.
א, און קריגן פֿאַר יענעם אַ דזשאַב.
אונטערפּיאַנעווען — אוטוו. ־נעווע אונטער,
~געפּיאַנעוועט. (מיט בּיטול) שיכּורן צו
בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, און זײַן די
גאַנצע צײַט בּגילופֿין.
אונטערפּיאַצקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געפּיאַצקעט. פּפֿ: ~פּיאַטשקען. דזוו
אונטערפּאַטשקען, נאָר מיט מער בּיטול.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערפּידען — [קורצער, האַרטער] טרוו.
־דע אונטער, ~געפּידעט. פּאָד. אונטעראײַלן,
צואײַלן צו בּיסלעך. א, די בּעלי־מלאָכות. א,
די גאַנצע שטוב ווי אין קורצן פֿרײַטיק ־עכץ.
.
אונטערפּײַניקן — טרוו. ־יק אונטער, ~
געפּײַניקט. פּײַניקן צו בּיסלעך אָדער בּשתּיקה.

צולייגן צו פֿײַניקונגען. א, מיט נײַן מאָס
רייד. סאַרקאַסטיש וועגן שטאַרק פֿײַניקן. א,
ווי אַ בייזע שטיפֿמאַמע. א, בײַם אַרײַנטרײַבן
אין געטאָ. ־ונג.

אונטערפֿײַקלען — טרןו. ־קל אונטער, ~
געפֿײַקלט. 1. צו ביסלעך קלאַפּן אויף אַ פֿײַקל.
א, בײַם מאַרשירן. א, מיט די פֿינגער אין
שויב. 2. אוטוו. צובאַמקען; צוגעבן נאָך
רייד. „יענער לויבט און דער פֿײַקלט אונטער„.
פֿרגל ~פּויקן. מיט ז י ד — אויך: אַ ביסל
עסן, שטילן דעם הונגער. ־עניש. ־ער.
־ערײַ.

אתטערפּיכען — טרוו. ־כע אונטער, ~
געפּיכעט. □[□aι□□]n□ni: □ □ >. אָנקר. סל.
אונטעררוקן, אונטערשטופּן, אונטערשיבן. א, אַ
ממז(י)רל. א, אַ שטיין אין וועג.

אונטערפּיכקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~
געפּיכקעט. אָטעמען אָנגעשטרענגט, מיט
איבעררײַסן, אַרויסברענגענדיק קלאַנגען (ענלעכע צו)
פּיך־פּיך. אונטערסאָפּען. א, בײַם גיין
באַרגאַרויף. א, ווי אַן אַלטער דזיאַד. „דאָס
לאָקאָמאָטיוול פֿון בענכל פּיכקעט שטאַרק אונטער,
ווען עס קריכט באַרג־אַרויף“, רייד (ווילקאָמיר).
־עניש.

אונטערסיל(נ)עווען

— טרוו. ־(נ . אַכטונג

עווע

אונטער, ~געפּיל(נ)עוועט. פּד. אוקר.
געבן, צוהיטן. א, די פּויערים, זיי זאָלן ניט
לקחענען. א, די קראָם. 2. גוט אָפּהיטן, געבן
אַ סך צו עסן, צוזען עמעצן (אַ קינד אָדער
דערוואַקכענעם נאָך אַ קראַנקייט). א, דעם
בן־יחיד; א, די פּאַציענטן אין דער סאַנאַטאָריע
אדגל. א, ס'ביסעלע גע ונט. „מסתּמא וועט
ער...אונטערפּילנעווען אונדז מיט שעפּסן

3. אַ

פֿון

מאַלאַריע„, י. מאַניק, 'געניאַלע מפֿרשים'.
ביסל פֿעסטיקן, שטאַרקן. א, דעם קרומען בוים.
א, מיט אײַזערנע שטאַבעס.

אָפֿט מיט ז י ד — רעפֿל. „לאָז זי אַ
צווײדרײַ טעג בלײַבן בײַ אונדז דאָ,
אונטערפּילעווען זיך אַ ביסעלע, נעמען אויף זיך לײַב“,
ממוס, ווינטשפֿ. „זעט נאָר זעט, ווי זיי האָבן
זיך דאָס אַ ביסל אונטערגעפּילנעוועט„, שע,
יאָסעלע סאָלאָוויי.

אונטערפּימסן — טרוו. פּימס אונטער, ~
געפּימסט. צו ביסלעך אײַנרײַבן מיט פּימס;

לירן מיט פּימס פֿון אונטן. א, פֿעל (
פּאַרמעטמאַכערס, טשערנאָבּיל).
אונטערפּינדזלען — ← אונטערפּענדזלען.
אונטערפּינטלען — ־טל אונטער, ~געפּינטלט.
אוטןו — צו בּיסלעך עפֿענען און פֿאַרמאַכן
די אויגן (מחמת טרערן, שטויבּ אָדער כּדי
אויף עפּעס אָנצוווינקען). א, פֿון צעטומלטקייט.
,,כאָליעט זײַנע ווייכע וואָנצעס, פּינטלט
אונטער מיט די אויגן און ווינקט אויף מיר,,,
ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס
1932. ,,אין געטאָ וועט איר לאַנג ניט בּלייַבּן,
פֿון דאָרטן וועט מען אײַך שיקן ווײַטער,
פּינטלט זי אונטער מיטן אויג,,, ה. בּוים־
פּריוועס, נײַע יִדאל־צײַטונג, 16 1962 III. טרוו
— שטעלן פּינטלעך פֿון אונטן. א, די יודן.
־עכִן. ־עניש. ־ער.
אונטערפּיסקעווען — אוטוו. ־קעווע אונטער,
~געפּיסקעוועט. 1. צו בּיסלעך, מיט
איבּעררײַסן שרײַעו אָדער וויינען אויף אַ קול. א,
אויף דער דינסט. ,,מילא, ווען די קינדער
אַ בּיסל א'". 2. זידלען, בּאַריידן פֿון צײַט

צו צײַט. ווײַבעלעך וואָס פּיסקעווען אונטער
אויף זײערע חבֿרטאָרינס.

אונטערפּיעשטשען — טרוו. ־שטשע אונטער, ~געפּיעשטשעט. פּפֿ: ~פּעסטען. פֿון צײַט צו צײַט צערטלען, באַלעווען, פּאַנקעווען צו ביסלעך. א, דאָס קלײנוואַרג אין אַ פֿרײַען טאָג. מיט
ז י ך — אויך: פֿון צײַט צו צײַט זיך חנדלען, זיך באַקלאָגן מיט אַ װײנענדיקער שטים. א, זיך ווי אַ בן־יחידל. א, זיך פֿאַרן מאַן. ־עניש.

אונטערפּיפּס(ע)ן — אוטוו. פּיפּס(ע) אונטער, ~געפּיפּס(ע)ט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, מיט איבעררײַסן אַרויסברענגען שטילע, דינע קלאַנגען. א, ווי אַן עופֿעלע, ווי אַ פֿײגעלע. 2. שטילערהײט אונטערזאָגן, אונטערמסרן אע. ־עניש.

אונטערפּיפּקען — טרוו. ־קע אונטער, ~ געפּיפּקעט. רײכערן אַ פּיפּקע (אָדער בכלל רײכערן) צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן. ער רעדט און פּיפּקעט אונטער. ־עניש.

אונטערפּיקן — טרוו. פּיק אונטער, ~ געפּיקט. צו ביסלעך עסן מיטן שנאָבל. צופֿליִען, א, קרישקעלעך און אַוועקפֿליִען. „עסן דאַרפֿסטו, ניט א'!“, רײד. מיט ז י ך — קזוו. אַ ביסל זיך אַרומקריגן, אַרײַנזאָגן אײנער דעם צווײטן.

אונטערפּירכען — אוטוו. ־כע אונטער, ~
גע‏פּירכעט. (וועגן פֿערד) אונטערהוסטן. „ס'איז
אַ געדיכטער נעפּל און די פֿערד האַלטן אין
איין א',,. פּעיאַ וועגן מענטשן. א, מיט אַ ראַץ,
מיט אַ כאָרכל. ־עניש.
אונטערפּירען — טרוו. ־רע אונטער, ~
געפּירעט. אוקר. פּפֿ: ~פּערען. אונטעריאָגן
מיט שטעכן, שטויסן. א, די אָקסן מיטן
פֿאַרשפּיצטן שטעקן. ־עכ⃞ן.
אונטערפּישטשען — אוטוו. ־שטשע אונטער,
~גע‏פּישטשעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט
אַרויסבּרענגען דינע, שטילע און שאַרפֿע קלאַנגען.
א, ווי אַ פֿייגעלע. “דאָס קראַנקע קינד פּישטשעט
אונטער אין וויגל,,. „ער פֿאַררײַסט דעם ווײדל,
שפּרינגט משוגענערווײַז אַהער, אַהין,

אונטעראונטערפּלאַפּלען

פּישטשענדיק עפּעס אויף אַ משונה־הינטיש
קול“, ממוס, שלמה. 2. אונטערהעלפֿן (או'
נטערהאַלטן) מיט פּישטשען. „די גרעסערע
מיידל ווײנט און די קלענערע פּישטשעט אונטער,,,
רייד. ־עניש.
אונטערפּישן — טרוו. פּיש אונטער, ~

געפּישט. (אומאיידל) משתּין זײַן אונטן. א, דעם
לײַלעך, די הײַזעלעך. אויך אוטוו — פּישן אויף
אונטן. א, אונטערן בעט. מיט ז י ך. א, זיך
אין בעט. ־עכץ. ־עניש.
אונטערפּכי(נ)קען — אוטוו. ־קע אונטער,
~געפּכי(נ)קעט. (געוויינלעך וועגן אַ קינד)
אַ ביסל, מיט איבעררײַסן וויינען אָדער
אַרויסברענגען וויינענדיקע קלאַנגען (ווען סע וויינט
זיך ניט מער). „נאָר מאָטיק פּכינקעט אונטער
און שלעפּט זי דווקא...אין סאַמע טיפֿער
געדיכטעניש פֿון מאַרק־יאַריד„, בערג, אָפּגאַנג I.
־עניש.
אונטערפּלאָגן זיך — אוטוו. פּלאָג זיך
אונטער, זיך ~געפּלאָגט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו
צײַט מאַטערן זיך, לײַדן נויט, דחקות. א, זיך
און ניט אָנקומען צו קיינעם. א, זיך אַ
לעבן־לאַנג מיט אַ מרשעת ־עכץ. ־עניש.

.

אונטערפּלאַטע — די, ־ס. פּלאַטע וואָס
קומט פֿון אונטן (אונטער אַן אייבערפּלאַטע).
אַ בעטאָנענע, אײַזערנע א'.
אונטערפּלאַכטע — די, ־ס. טוך פֿון
גראָבער לײַוונט אײַנצופּאַקן, אונטערצולייגן אָדער
צודעקן סחורה פֿון אונטן. „דער בעל־עגלה

האָט מיטגענומען אַן אייבערפלאַכטע און אַן א'".
אונטערפלאַנטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געפלאַנטעוועט. (סטאָליערײַ) אונטערהובלען מיט אַ גרויסן, שווערן הובל. א, ברעטער.
אונטערפלאָנטען, ~פלאָנטערן — אוטוו & טרוו. ־טע(ר) אונטער, ~געפלאָנטע(ר)ט. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט (פֿאַר)פלאָנטערן, פֿאַרדרייען. א, (מיט) די פֿיס. א, די קאָלדרע אונטער די פֿיס. א, (בײַ) חשבונות. א, בײַם רעדן. א, מיט דער צונג. א, דאָס (אָדער בײַ דעם) עדות זאָגן. מיט ז י ך — צו ביסלעך זיך צעטומלען, זיך פֿאַרדרייען. א, זיך אונטער עמעצנס פֿיס. זיך א, אין די רייד ווי אַ פֿאַלשער עדות. ־רונג. ־(ע)ניש.

פלאַנירט. פּפֿ: ~פלאַנעווען. צו ביסלעך
אונטערפלאַנירן — טרוו. ־ניר אונטער, ~(גע)־

-

אָדער נאָך אַ ביסל פּלאַנירן. א, כּדי צו
פֿאַרענדיקן. א, דעם מאַרשרוט, די רײַזע. „מיט אַזאַ
א, ווערט מען ניט פֿאַרטיק אַזוי גיך“, ־ונג.
אונטערפּלאַנכע(נע)ן — אוטוו. ־כע אונטער,
~געפּלאַנכעט. (מיט בײַטעם פֿון ביטו) שטאַוק
וויינען מיט איבעררײַסן אָדער פֿון צײַט צו
צײַט. זיך דערמאָנען אין אַן אַלטער צרה און
א'. ־עניש.
אונטערפּלאַפּלען — טרוו. ־פּל אונטער, ~
געפּלאַפּלט פֿון צײַט צו צײַט רעדן סתּם אַזוי,
.
אָן ספּעציעלער כּוונה, ניט באַטראַכטערהייט.
א, ווי אַ פּאָפּוגײַ. א, וואָס עס קומט אַרײַן
אין קאָפּ. א, נאַרישקייטן.
־עכן. ־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.

אונטערפּלאַצן
אונטערפּלאַצן — אוטוו. פּלאַץ אונטער, ~
געפּלאַצט. 1. אַ ביסל פּלאַצן (פֿון אונסן). „די
גאַנצע פּאָסטראָיקע (געבײַדע) האָט גענומען א',,
רייד. די גרויסע פּלענער הייבן אָן
אונטערצופּלאַצן. 2. דזוו פּלאַצן — און מיט
אָנצוהעריניש אויף געפֿיל (פֿרייד, קנאה אאַ). א, פֿאַר

קנאה. ־עכ▯ן. ־עניש.

אונטערפֿלוטע(ווע)ן — אוטוו. ־טע(ווע) אונטער, ~געפֿלוטע(ווע)ט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט פֿלוטעווען, זײַן אַ דרייקאָפּ. א, און זיך דורכשלאָגן מיט חיונה. א, און אַרײַנפֿאַלן. ־טעניש.

אונטערפֿליוערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געפֿלוידערט. אונטערפֿלאַפּלען (מיט בײַטעם פֿון מער ביטול, שטרענגערן פֿאַרמשפּטן). אונטערבאָלבען. א, און קאַליע מאַכן דעם שידוך, די אונטערהאַנדלונגען. —ניש.

אונטערפֿליטיק — אַדי. נעאַל. וואָס איז אונטער אַ פֿליט, האָט אַ שײַכות צום אונטערשטן טייל פֿון פֿליט. א'־ווילדגראָז. א'ע געוויקסן.

אונטערפֿלישן — אוטוו. פֿליש אונטער, ~ געפֿלישט. אונטערפֿלוטעווען; אונטערליגנערן; אונטערפֿלוידערן. א, און פֿאַרהאַקן אַלעמען דעם קאָפּ. א, און דערנאָך (שפּעטער) זאָל זיך אַרויסווײַזן אַז ס'איז לא דובים ולא יער (אויפֿן הימל אַ יאַריד) ־ער (—קע).

.

אונטערפֿליאָטקעווען — טרוו. ־קעווע אונטער, ~געפֿליאָטקעוועט. צו ביסלעך, פֿון צײַט

צו צײַט טרײַבן רכילות, באַרעדן. א, בײַם
טישל אין קאַפֿע.
אונטערפּליאַמען — טרוו. ־מע אונטער, ~
געפּליאַמעט. מאַכן פּליאַמעס, פֿלעקן צו ביסלעך,
במשך אַ צײַט. א, דאָס קלייד מיט אַ הייסן
פּלעטאײַזן.
אונטערפּליוכען — ־כע אונטער, ~
געפּליוכעט. אוסוו, דריטפּערזאָניק — רעגענען שטאַרק
מיט איבעררײַסן. „די גאַנצע נאַכט האָט עס
געהאַלטן אין איין א'". טרוו — אונטערגיסן
מיט אַ פּליוך. א, די פּאָמאָיעס הינטערו פּלויט.
א, עמעצן מיט זידלערײַען.
אונטערפּליוסקען, ~פּליושקען — טרוו.
־קע אונטער, ~געפּליוסקעט, ~געפּליושקעט.
1. צו ביסלעך, אויף אַ לײַכטן אופֿן צעמישן,
צעבורען וואַסער (אָדער אַן אַנדער מין
פֿליסיקייט). 2. אונטערגיסן האַסטיק, מיט אַ פּליוסק.
א אַן עמער רעגנוואַסער אויף די באָרוועסע

פֿיס. מיט ז י ך — זיך אונטערטונקען מיט
אַ געהילך. א, זיך אין טײַכל ־עכץ ־עניש.

אונטערפּליטע — די, ־ס. אונטערשטער טייל
פֿון אַן אײַזערנעם אויוון (וואָס ווערט געניצט

צו האַלטן אַ געקעכטס וואַרעם). אַרײַנשטעלן
די וועטשערע אין דער א'.

אונטערפּלינדערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געפּלינדערט. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך
פּלינדערן, פּאָגראָמירן; אָנטאָן (מאַכן) שאָדן;
(צע)בּרעכן, (צע)שטעכן עמעצנס האָבּ און גוטס.
א, די ייִדישע סטראַגאַנעס אין מאַרק. ־ניש.

אונטערפּל(י)עסקען — אוטוו. ־קע אונטער,

763

~געפּל(י)עסקעט. צו בּיסלעך, מיט
איבּעררײַסן פּאַטשן מיט די הענט (ווי אַן אויסדרוק
פֿון צושטימונג, צופֿרידנקייט). „און דער
גאַנצער עולם פּליעסקעט אונטער רבּ יאָנטלען“,
שע, סטעמפּעניו. ־עכ□ן. ־עניש. ־ערײַ.

אונטערפּלעטן — טרוו. פּלעט אונטער, ~
געפּלעט. 1. פּרעסן מיט אַ הייסן פּרעס(אײַזן)
צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. אַרבּעטן אין
וועשערײַ, אַרײַננעמען און אַרויסגעבּן וועש און
אויך א'. 2. פּלעטן פֿון אונטן. א, די זוימען
פֿון קלייד. 3. דזוו פּלעטן, קלאַפּן מיט אַ
שווערער זאַך, א, דעם מוח, דעם קאָפּ. אויך
~פּלעט. ־עכץ. ־עניש.

אונטערפּלעסקען — ← אונטערפּליעסקען.
אונטערפּלעצל — דאָס, ־עך. 1. פּלעצל געבאַקן אויף דעם הוילן אויוון פֿאַרן פּלאַם [פֿאַרן אײַנזעצן די חלה אויף שבת]. א, פֿון ראָזעווע מעל. 2. וואוילינגעריש. אַ זעץ מיט אַ קני אין אונטערחלק (בײַם באָרען זיך, ראַנגלען זיך). „און מען איז אים מכבד מיט א'עך, ס'הייסט מיטן קני אונטערן דאַרן געזעס„, זש.
אונטערפּלפּ(ו)ל(ע)ן — [...פּילפּלען] אוטוו. ־פּ(ו)ל אונטער, ~געפּלפּ(ו)לט. פּלפּולן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. לערנען פּשט און דאָך א,.
אונטער פּנים — [...פּאָני] אַדוו פֿראַזע. אַרכ. [גרײַז] ← אונטערן פּנים. „קיינר ווערט [לעתיד לבֿוא] אויף דען אַנדערן קנאה אונ, שׂנאה טראָגן. נאָך ליצנות און, דז אַרגשׂט אונטר פּנים זאָגן„, צוכט, הקדמה.
אונטערפּעדלען — אוטוו. ־דל אונטער, ~ געפּעדלט. אַמ. פּעדלען צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. אַרבעטן אין אַ שאַפּ און א, ווען עס איז סלעק. א, מיט דער פּען.
אונטערפּעטשלען — טרוו. ־טשל אונטער, ~געפּעטשלט. פּאַטשן מיט קליינע פּעטשעלעך צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן (אָן בייזקייט,

גוטמוטיק). „מאַטעס, אַ פֿאַרטוענער, צוגעבויגן מיטן שטערן צו דער קו, האָט אַלע ווײַלע אונטערגעפּעטשלט דעם אײַטער, געמאָלקן גיך“, ב. דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט, נ"י 1958. פֿון יוצא וועגן א, דעם רעדנער.

אונטערפּעכן — טרוו. פּעך אונטער, ~ געפּעכט. אונטערשמירן מיט פּעך. א, דאָס געפּלאַצטע שיפֿל.

אונטערפּעכנען — אוטוו. ־נע אונטער, ~ געפּעכנעט. אונטערהונגערן פֿון צײַט צו צײַט, געשוואָלן ווערן פֿון הונגער. א, פֿון הונגער און ניט אָנקומען צו מענטשן. *א, אויפֿן פּיסק = הונגערן.

אונטערפּעלצן — טרוו. פּעלץ אונטער, ~ געפּעלצט. 1. אונטערנייען, אונטערלייגן פּעלץ. א אַ מאַנטל אויף ווינטער. א, מיט קאַראַקול, טכויר. 2. בכלל אונטערלייגן, מאַכן פֿולער, גרעבער. א, מיט וואַטע. א, אַ מאַרינאַרקע. 3. פֿיג. צוגעבן, פֿאַרטאָפּלען. "דעמאָלט האָט ער דעם נאָמען זײַנעם נאָך ניט געהאַט אונטערגעפּעלצט מיט אַ צווייטן צוגאָב־נאָמען", אפֿא, ט□רו, 8 1964 XI. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערפראַצעווען

אונטערפּענדזלען — ־דזל אונטער, ~ געפּענדזלט. טרוו — אונטערשמירן מיט אַ פּענדזל. א, דעם האַלדז מיט גליצערין. א, די שבתדיקע חלה מיט אַ געלכל (געלכן) פֿון אַן איי. אוטוו — איר פֿון צײַט צו צײַט זיך פֿאַרנע.

מען מיט מאָלערײַ. א, און אַוועקשענקען די בילדער. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערפּענקען — אוטוו. ־קע אוגטער, ~ געפּענקעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט קרענקען, שטאַרק לײַדן. א, בשתּיקה און שמייכלען פֿאַר לײַט אין די אויגן. 2. פּלאַצן. א, פֿון קנאה. די גלעזער וועלן א, פֿון דעם זודיקן וואַסער.

אונטערפּעסטלריק — אַדי. נעאָל. (באָטאַניק) וואָס האָט דאָס פּעסטל, דאָס זאָמענמויל, פֿון אונטן. „א'ע בלום„, א. גאָלאָמב איבז, ג. באָטש, געוויקסן, וואַרשע 1922.

אונטערפּעסטען — דזוו אונטערפּיעשטשען.

אונטערפּערען — ־רע אונטער, ~געפּערעט. אוקר. מג. אוטוו — 1. אַ ביסל אויפֿשוימען, איבערשוימען. די יויך אין טעפּל פּערעט אונטער. 2. אַרויסברענגען שוים אויף די ליפּן.

א, פֿון גרויס כעס. טרוו — דזוו אונטערפּירע止 ←.
־עכ 1. ־עניש.

אונטערפּראָדוצירן — טרוו. ־ציר אונטער, ~פּראָדוצירט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט פּראָדוצירן. 2. סאָוו. אַרויסגעבן פּראָדוקציע ווייניקער ווי געפּלאַנט, אונטער דער נאָרמע. א, מחמת מאַנגל אין רוישטאָף. ־ונג.

אונטערפּראַווען — טרוו. ־ווע אונטער, ~ געפּראַוועט. 1. אַ ביסל פֿאַרריכטן, צורעכטמאַכן. א אַ שטיקל אַרבעט פֿאַרן אַוועקגעבן דעם קונד. א, אַן אַרטיקל, אַ פּיעסע. 2. פֿאַרריכטן פֿון אונטן. א, די וואַנט מיט אַ פּאָר ציגל, מיט טינק. א, די קאַפּאָטע. 3. צוגעבן עפּעס צו אַ געקעכטס, אַ שפּײַז, כּדי דער טעם זאָל זײַן אַ בעסערער. א, דעם באָרשט(ש) מיט סמעטענע, די יויך מיט אַ ציבלקע. א, געבראָטנס מיט אַ ביסל ווײַן. 4. אונטערפּוצן, פֿאַרשענערן אַ ביסל. א, די אויגן, די ברעמען. א אַ היטעלע. 5. במקום־ווערב פֿאַר טאָן אַ ביסל אָדער פֿאַרענדיקן כּמעט יעדן מין אַרבעט. א אַ געזעס אין בויד פֿאַרן פֿאַרשוין.

א, דאָס פֿײַעד מיט טרוקענע קינעלעך. 6. איר דאָס פֿאַרקערטע פֿון בֿ4. א, עמעצן אַ שטוקע.
7. פֿעלשן. א, אַ וועקסל, אַ חתימה. א, אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אויפֿן פּאַס. 8. איר בנוגע בֿ1.
באַגנבֿענען. א, דעם נגידס שטובֿ און אויסרייניקן פֿון אַלע טײַערע חפֿצים ־עכ□ן ־עניש.

□
.

אונטערפּראַזשען — טרוו. ־זשע אונטער, ~געפּראַזשעט. אונטערפּרעגלען. א, קאָטלעטן, דעם פֿײַנקוכן ־עכץ.

.

אונטערפּראַטען — טרוו. ־טע אונטער, ~ געפּראַטעט. אויך: ~פּריאַטען. סל. וורר, אוקר. אויסבֿאַהאַלטן בשתיקה, צו ביסלעך אָדער ערגעץ פֿון אונטן. ניט פֿאַרגינען דעם משרת דעם ביסן און א, דאָס עסנוואַרג.
אונטערפּראַצעווען — טרוו. ־צעווע אונטער, ~געפּראַצעוועט. האָרעווען, אַרבעטן צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן. א, פֿאַר עקזאַמענעס, פֿאַר אַ פּרעמיערע. „ווי אַשטייגער דאָס

באַאונטערפּראָשען

לעבעסל מײַנס וואָס פּראַצעוועט אַליין אונטער

און פּאָזשיווּעט זיך אויף פֿון יענעמס פּראַצע", יר, צוק, 1936, XI.
אונטערפּראָשען — טרוו. ־שע אונטער, ~ געפּראָשעט. מג, אוקר. אונטערשטויבן. רוימען און א, די פּאָליצעס. א, אַ מאַנטל. ־עניש.
אונטערפּרודען — טרוו. ־דע אונטער, ~ געפּרודעט. אויך: ~פּרודז(י)ען, ~ פּרודזשען. וורר, אוקר. צו בּיסלעך (ניט־גרינטלעך) רייניקן מלבושים מיט פּאַרע. ← אויספּרודען. א, די פּאַרלײַזיקטע העמדער. ־עניש.
אונטערפּרוּוון — טרוו. פּרוּוו אונטער, ~ געפּרוּווט. פּ רוּוון צו בּיסלעך, מאַכן אַ ניט־זיכערן פּרוּוו. א, דאָס מזל. א, די ראַיעלקייט פֿון אַ נײַס אע. א, צי שפּאַסט ער אָדער מיינט ער עס אויף אַן אמת. ־עניש.
אונטערפּרט — [...פּראַט] דער, ־ים [...פּראָטים]. אַ טייל, אַ פּרט פֿון אַ פּרט. „ס'איז ניט קיין ענין פֿאַר זיך גופֿא, ס'איז בּלויז אַן א'", רייד.
אונטערפּדיווילעגירט — אַדי. < לויט un(le1ד יri ilege(l : .. וואָס האָט ווייניקער רעכט ווי אַנדערע; וואָס איז יורידיש אָדער סאָציאַל בּאַעוולט, צוריקגעשטאַנען. א'ע לענדער. א'ע קינדער. א'ע אימיגראַנטן. „די נעגערס לעבּן אין גרויס ענגשאַפֿט, זענען א',

באַזיצן ווינציק בילדונג“, טמז, 18 □ 1963 III.
„סטודענטן וואָס קומען פֿון א'ע היימען“, י.
שטיינבוים, קוד, מאַרץ 1964. ־קייט.
אונטערפֿרײַכן — אוטוו. פֿרײַך אונטער, ~
געפֿרײַכט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט פֿרײַכן, אָטעמען שווער. א, בײַם גיין אויף טרעפּ. ־עניש.
אונטערפֿרייען — אוטוו. פֿרייע אונטער,
~געפֿרייעט. אויך: ~פֿר□ען. אַ ביסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט שוויצן ביז רויט ווערן. די פֿיס פֿרייען אונטער.
אונטערפֿרייען — טרוו. פֿריי אונטער, ~
געפֿרייט. פֿאַמעלעך, צו ביסלעך קאָכן אויף אַ פֿײַערל. א, קאַשע. ־עניש.
אונטערפֿרעגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~
געפֿרעגלט. פֿאַמעלעך, צו ביסלעך קאָכן אין פֿעטס אויף אַ פֿלאַכער, אָפֿענער פֿאַן.
אָנוואַרעמען מיט פֿרעגלען אַ ווײַלע. א, פֿיש. א, גריוון. אויך מיט ז י ך — א, זיך אויף דער זון. ־עניש.
אונטערפֿרעסן — טרוו. פֿרעס אונטער, ~
געפֿרעסט. 1. ← אונטערפֿלעטן, בב 1 □ 2. 2. או'נטערדריקן. א, די אַרײַנגעלייגטע זאַכן כּדי צו

פֿאַרמאַכן דעם קופֿערט. א, מיט אַ שווערן שטיין. א, די פּוטער אין פֿעסל ־עכ ן.

.

־ענישׁ. ־ערײַ.

אונטערפּרעסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. (שנײַדערײַ) געהילף פֿון פּרעסער; ווער עס פּרעסט נאָר טײלן פֿון בגד. ווער עס פּרעסט אַ בגד, אײדער ס'ווערט אַרײַנגענײט דער אונטערשלאַק. „איז אַן א, דערווײַל„, שע, מאָטל I .

אונטערפּרעפּלען — טרוו. ־פּל אונטער, ~ געפּרעפּלט. 1. פֿון צײַט צו צײַט רעדן גאַנץ

שטיל, אומקלאָר אָדער גיך (מיט פּעיאָ בײַטעם). א, זײערע געבעטן. 2. אונטערזאָגן גאָר שטיל און אומקלאָר. א, אַן ענטפֿער. ־עכ ן. ־ענישׁ.

אונטערפּרעסעקט — דער, ־ן. געהילף פֿון פּרעפֿעקט. „נעמט אַרונטער דאָס היטל פֿאַר

דעם שרײַבער בײַם א',,, מעריסאָן איבז,
קראָפּאָטקין, קעגנזײַטיקע הילף, נ"י 1913 ־ור, די.
.
אונטערפּרעצל — דאָס, ־עך. פּר. גאַליציע.
1. דזוו אונטערפּלעצל, בּ1 נאָר די פֿאָרעם ווי
בײַ אַ קרענגל. 2. דזוו אונטערפּלעצל, בּ2.
,,כ'ל דיר געבּן אַן א, אַז דו וועסט מוזן
אַוועקפֿאַלן", רייד.
אונטערפּשטלען — [...פּשעטלען] אוטוו. פּשטל
אונטער, ~געפּשטלט. צו בּיסלעך, אַ בּיסל
אויסטײַטשן אויף אַ געדרייטן אופֿן. ,,דאַכט זיך
ער רעדט לאָגיש, אָבער ער מוז אינמיטן
דערינען א',,, רייד.
אונ'טערפֿאַבּריקאַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין,
־ס. קלענערער פֿאַבּריקאַנט וואָס פּראָדוצירט,
אויף בּאַשטעלונג פֿון אַ גרעסערן פֿאַבּריקאַנט,
אַ טייל אָדער דאָס גאַנצע אַרטיקל. [בּאַזונדער
פֿאַרשפּרייט אין בּאַקליידונג־איגדוסטריע אין
די פֿאַראייניקטע שטאַטן — קאָנטראַקטאָר. אין
פֿראַנקרײַך צווישן בּיידע וועלט־מלחמות —
פֿאַסאָניער.]

אונטערסאַזעווען — טרוו. ־זעווע אונטער,
~געפֿאַזעוועט. דזוו אונטערפּאַזעווען ←.
אונטערפֿאַטשיילקע — די, ־ס. קליינע
פֿאַטשיילע וואָס מע טראָגט אונטער אַ
גרעסערער פֿאַטשיילע. אַ זײַדענע א'.

-

אונטערסאָכן — או▯וו & טרוו. פֿאָך אונטער,
~געפֿאָכט. אויך: ~פּאָכען פֿאָכן פֿעכערן
. ,
צו בּיסלעך פֿון אונטן, מיט איבּעררײַסן
אונטערבּלאָזן. א, אין פּנים אַרײַן. אַ ווינטעלע פֿאָכט
אונטער און די בּלעטער שורשען. „[דאָס פֿײַער]
...מיטן רײנסטן מענטשן־אָטעם אונטערגעפֿאָכט,
און ריין און לעבּעדיק געהאַלטן„, פּרץ, 'די
היטערין פֿון הייליקן פֿײַער אין טעמפּל'. *א,
מיט אַ שווערד = סטראַשען מיט מלחמה. *א,
מיט דער נשמה = האַלטן בּײַם שטאַרבּן.
־עניש.
אונטערפֿאַלבּן — טרוו. פֿאַלבּ אונטער, ~
געפֿאַלבּט פֿאַלבּן פֿון אונטן, אײַנפֿאַלבּן אַ בּיסל.
.
א, די הויזן. א, דעם בּרעג פֿון קליידל.

אונטערפֿאָלגן — אַקוזוו. פֿאָלג אונטער, ~
געפֿאָלגט פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך
דורכ.
פֿירן וואָס מע פֿאַרלאַנגט, בּאַפֿעלט. א, אַ
גאַנג. א אַז דער טאַטע שרײַט אָן. "עך, עלטער,
,
עלטער, די פֿיס ווילן שוין ניט א'", רייד.
־עניש.
אונטערפֿאַלן — אוטוו. פֿאַל אונטער, בּ י ן
~געפֿאַלן [ה אָ בּ נאָר אין עטלעכע לר]. 1
פֿאַ.
לן אונטער אָדער פֿון עפּעס. אַרונטערפֿאַלן.
א, אונטער אַן אויטאָמאָבּיל. א, פֿון דאַך.
2. אוקר. מג. צופֿאַלן צו עמעצן און עפּעס
שטאַרק בּעטן; אויסבּעטן מיט תּחנונים, מיט
אונטערטעניקייט. [די פּערזאָן אין דאַטיוו.] א,
צו יענעמס פֿיס און בּעטן מחילה. "ער וואָלט
געקענט צערײַסן יענטלען אויף שטיקלעך, ווען
טײַבּעלע זאָל ניט געווען א, אונטער זײַנע

אונטערפּאַלשעדוען

פֿיס מיט אַ געוויין", שע, יוגנט־ראָמאַנען. ,,

האָבן די שענקערס געזען אַז פֿון די פּאַנסקע שענקען קענען זיי ניט לעבן, זײַנען זיי אונטערגעפֿאַלן דעם ימח־שמוניק...ער זאָל נעמען די אַרענדע", יפּ. „פֿאַלט מען אונטער אַזאַ גוי און מע שענקט אים אַ מתּנה, וואָלט ער געהייסן [די געהויבענע געסט] בײַ דיר אײַנשטיין", יאַ, די גענאַרטע וועלט.

3. זיך מאַכן קליין, געפֿאַלן, שפֿלדיק (כּדי אַרויסצורופֿן סימפּאַטיע). אַ שוואַכער מוז א, אַ שטאַרקערן. [נאָמען פֿון פּערזאָן אָדער גרופּע אין דאַטיוו.] „דער בחור האָט געזען דאָס ער שטייט שמאָל, איז ער...אונטערגעפֿאַלן דער פֿאַמיליע פֿון דעם ווײַבל און דעם ווײַבל זעלבסט און מיט פֿאַרשיידענע כיטרע גענג האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט„, ייִפֿאָל, 32 1887, No.

4. ווערן באַווירקט פֿון אַ נאַטור־דערשײַנונג (געווײנטלעך לרעה). „אונטערוועגנס בין איך אונטערגעפֿאַלן אונטער פֿרעסט און אַ פֿוס איז מיר אָפּגעפֿרוירן געוואָרן„, בריוו. „דאַרף דאָס ביימעלע האָבן אַ סך באַגיסן, ווײַל זי [= עס] קאָן גלײַך א, אונטער די גרויסע היצן און טריקענישן", מ. וועללער, ווי מע פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.

5. ווערן באַווירקט, זײַן אונטער אַ השפּעה.

א, אונטער דער השפּעה (ווירקונג) פֿון אַ שרײַבער, אַ פֿירער אע. א, אונטער דער ווירקונג פֿון רעליגיע. „די פּראָווינץ איז מער פֿאַראינטערעסירט דערין, ווײַל זי דאַרף א, וואַרשע“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „יעדער קריטיקער היט זיך ניט אונטערצופֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון די דערמאָנטע און אַנדערע ניטדערמאָנטע חשבּונות„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקעך II.

6. זײַן אין (אונטערן) רשות פֿון אַ מאַכט, לאַנד, רעגירונג. דער באַזיגטער מוז א, (אונטער) דעם זיגער. יהודה איז אונטערגעפֿאַלן (אונטער) רוים. 7. ווערן ווייניקער, קלענער. דאָס געזונט קען חלילה א'. די היץ איז אונטערגעפֿאַלן.

אונטערפֿאַלן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. פֿאַלט אונטער, איז ~געפֿאַלן. געשען, אונטערקומען (אין שײַכות מיט אַ דאַטע, אָפּבײַט פֿון צײַט אין דער נאַטור אע). און דאָ איז אונטערגעפֿאַלן דער יום־טובֿ. ״דערווײַל איז אונטערגעפֿאַלן די נאַכט, דער הימל איז געוואָרן איבערגעצויגן מיט אַ שוואַדצער כמאַרע“, ממוס, קליאַטשע.

אונטערפֿאַל, דער. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אונטערפֿאַלצן — טרוו. פֿאַלץ אונטער, ~
געפֿאַלצט. מאַכן דינער די ראַנדן פֿון כאָלעווקעס,
כּדי זיי צו פֿאַרבייגן, עס זאָל זיך באַקומען
מיט אַ פֿאַרבויגענעם ראַנד. א, די כאָלעווקעס.
אונטערפֿאָלק — דאָס, ~פֿעלקער. פֿאָלק
(אָדער סתּם גרופּע מענטשן) פֿון אַ נידעריקער
מדרגה (אָן קולטור, אָן מאָראַל, אָן
מענטשלעכקייט). דאָס נאַצישע א'.
אונטערפֿאַלשעווען

— ־□שעדע□ר, ~
גע. אויך:
— עווע ארנט

פֿא□ש□ועט. פּפֿ: ~□ע
פֿעלטש(עווע)ן.

~□אַ טש□ן. טרוו פֿדו ציַיט צר ציַיט,
□----

— ווע)ן, ~
אויך: ~פֿאַ

אונטערפֿאַנגען (זיך)

צו ביסלעך פֿאַלסיפֿיצירן. א, די מאָס (וואָג)
= מעסטן (וועגן) מיט אַ פֿאַלשער מאָס (וואָג).

א אַ וועקסל = חתמענען אַ וועקסל מיט אַ

,

פֿרעמדן נאָמען.

אוטוו — 1. גענאַרן, טאָן אַן אַרבעט ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. "איך פֿלעג אַ ביסל א', מאַכן די שפּיל בקיצור און אַרײַנברענגען אין כּעס מײַן בעל־הבית", ממוס, קליינמענטשעלע. "ער האָט דערקענט אין מײַן נאָז...,דער פֿויגל האָט שוין ווידער אונטערגעפֿאַלשעוועט"', ש. וויגאָדאַ פֿאָר, 15 XII 1963.

,

2. זאָגן אַ קליינעם ליגן, אַ ביסל אָפּנאַרן. ער האָט מ י ר אונטערגעפֿאַלשעוועט, ווען ער האָט געזאָגט...", רײַך.

3. זײַן, ווירקן ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. ווערן שוואַכער. די כּוחות פֿאַלשעווען מיר אונטער. „צײַטן זײַנען ניט געגאַנגען גוט, דאָס געזונט האָט אונטערגעפֿאַלשעוועט", הרבֿ העפּטערמאַן, פֿאָר, 3 XI 1963.

פֿאַלשונג פֿעלשונג.

,I..

אונטערפֿאַנגען (זיך) — אוטוו פֿאַנג (זיך)

.

אונטער, (זיך) ~געפֿאַנגען. אַרכ. זיך

דערוועגן, אונטערשטעלן זיך. „דיא סרוור [=
סאַרווער] אונד כּלי־זמרים קיינר פֿון איהנן זיך
אונטר פֿאַנגגן עטוואָס צו פֿרלאַנגגן וועדר מן
בּעל הבּית אַדר מחתן וכלה“, 'פּראָגער תּקנות
קעגן לוקסוס', 1767 [ייִבל I]. „איינמאָל שאן
האטי איך מיך אונטער פֿאַנגין קציני קהל...אויף
מײַני יעציגע לאַגע אויפֿמערקזאַם צו מאַכין„,
'ערשטער פּראָטאָקאָל פֿון ווינער קהל', תּקמ„ד.
אונטערפֿאַנטאַזירן — אוטוו. ־זיר אונטער,
~(גע)פֿאַנטאַזירט פֿון צײַט צו צײַט, צו
בּיס.
לעך פֿאַנטאַזירן. צופֿאַנטאַזירן. א, וועגן
ניטגעשטויגן, ניט־געפֿלויגן. א, בּײַם מאָלן אַ
לאַנדשאַפֿט ־ונג.
.
אונטערפֿאָנפֿען — טרוו. ־פֿע אונטער, ~
געפֿאָנפֿעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען
עפּעס אונטער דער נאָז (אַזוי עס זאָל זײַן
שווער צו פֿאַרשטיין). „נאָר זי גיט עפּעס אַ
פֿאָנפֿע אונטער דער נאָז אַ וואָרט וואָס איך
קען ניט אונטערשיידן וואָס דאָס מיינט“, טמז,
2 .19 1964 XI. אָפּנאַרן, לײַכט בּאַשווינדלען
פֿון צײַט צו צײַט. „אַ סך געשעפֿטסלײַט,
גרויסע און קליינע פֿלעגן אַזוי א'...די פֿעדעראַלע

רעגירונג,,, פֿאַר, 1964 ‎ 27. ־עכ‎ן. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.

-

אונטערסאַסטן — אוטוו & אַקוזוו. פֿאַסט
אונטער, ~געפֿאַסט. 1. ניט עסן אָדער עסן
ווינציק (פֿון צײַט צו צײַט). א, כּדי אָפּצוונעמען
וואָג. א, אין אַ מאָנטיק און אַ דאָנערשטיק.
,,דערצו מוז מען דאָך אום די פּאַציענטן־ראָלע
גוט אויסצושפּילן, גאָר אָפֿט א', זיך
אויסהונגערן, און דאַס איז ניט צום האַרצן“, איש
יהודי [לעאָן ראַבּינאָװיץ], בּלעטער, פּעטערבּורג
2 .6 1900, No. פֿון צײַט צו צײַט, צו
בּיסלעך לײַדן הונגער, ניט האָבּן די מעגלעכקייט
זיך צו פֿאַרשאַפֿן שפּײַז. ,,האָבּ איך געהאַט
אַ פּאָר גראָשן, האָבּ איך געגעסן; אויבּ ניט,
האבּ איך אונטערגעפֿאַטט“, בּאַש פֿאָר, 1964

‎
,
3 .20 III. דזוו פֿאַסטן (ניט־דערזאָגט אָדער

אַרויסגעהויבּן). א אַז די כּוחות זאָלן

אויס,
גיין. גאַנץ געשמאַק א, תעניתים. ־עניש.

אונטערסאָצקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געפֿאצקעט. 1. (מיט ביטול) אונטערפּוצן פֿון

.
צײַט צו צײַט אויספּוצן אויף אַ שרײַאיקן אופֿן,
מיט שלעכטן געשמאַק. א, דעם חתן־בחור
און אים אַרויסשיקן אויף אַ שפּאַציר. 2.
אַוועקגנבֿענען. אונטערנאַרן. אויסשווינדלען. א אַ
,
בײַטל מיט געלט. 3. וואול. האָבן סעקסועלן
פֿאַרקער מיט אַ פֿרוי דורך אָפּנאַרן זי. א, די
נאַרישע מויד. אָפּט מיט ז י ך — רעפֿל. א,
זיך און אַוועקגיין צום טאַנץ.

▯

אונטערסאַקטער — דער, ־ס (אויך: ~
פֿאַקטוירים). ווג ־ין, ־קע, ־ס. געהילף פֿון (בײַ
אַ) פֿאַקטער. קלײנער מעקלער. ער טויג קוים
צו זײַן אַן א'. „ער איז אַ פֿאַקטער און די
אשה זײַנע — זײַן א'קע„, רייד.

▯

אונטערסאָר — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערפֿאָרן (מיט אַלע בבֿ). אַ פֿריילעכער א'. אַן א, אין
זײַט אַרײַן.

▯

אונטערסאַרבן — טרוו. פֿאַרב אונטער, ~
געפֿארבט, ~געפֿאָרבן. 1 פֿאַרבן פֿון אונטן.
—
.
א, די אויגן. 2. פֿאַרבן ווי ניט איז, ניט
גרינטלעך. א, דעם פּלויט אויף גרין. 3. פֿון
צײַט צו צײַט פֿאַרבן. א, די האָר. א, די ליפּן.

4. אַרויסהייבּן, אונטערשטרײַכן (אויף אַ שרײַאיקן אופֿן). א, דעם אויפֿרוף מיט אַ בּיסל דעמאַגאָגיע. אויך מיט ז י ך — „ווען איך וועל זיך נאָך אַ בּיסל א, און פֿאַרקליידן זיך„„ בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די שווערע צײַט, וואַרשע 1887.

אונטערסאַרגיסטן — טרוו. פֿאַרגיפֿט אונטער [?], ~פֿאַרגיפֿט. נעאָל. אַ בּיסל פֿאַרגיפֿטן פֿאַרסמען פֿאַרגיפֿטן בּשתּיקה. א, די לופֿט

, .

מיט שׂנאה. „אין דער צײַט ווען דרײַצן נאַציאָנען אונטערקוילענען...א, איינע די אַנדערע מיט גיפֿטגאַז“, ווינטש II .

אונטערפֿאַרדינסט — דער, ־ן. קליינער, צופֿעליקער פֿאַרדינסט פֿאַרדינסט וואָס איז
וויי.
ניקער ווי מע ריכט זיך. „פֿון א'לעך קען מען נאָך ניט האָבּן (אויף) מפֿרנס צו זײַן ווײַבּ און קינדער“, רייד.

אונטערפֿאַרדינען — טרוו פֿאַרדין אונטער,

.

~פֿארדינט. צופֿאַרדינען פֿאַרדינען פֿון צײַט

—
.
צו צײַט; פֿאַרדינען צו בּיסלעך אויף אַ
צופֿעליקן אופֿן. א אַז דאָס מזל שפּילט צו.
,

אויך מיט ז י ך.
אונטערפֿאַרטיקן — טרוו פֿאַרטיק אונטער,

~געפֿאַרטיקט. 1. אויסענדיקן אַן אַרבּעט צו
בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן. א, דאָס שטיקל
אַרבּעט מיט צרות און אַנגסטן. 2. אַנשטאָט
קוילען. א, די הינער.

אונטערסאָרן — אוטוו. פֿאָר אונטער, בּ י ן
~געפֿאָרן. [ה אָ בּ בּלויז אין עטלעכע לר.]
1 פֿאָרן צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן;
מיט.
פֿאָרן אַ קורצן מהלך (געוויינלעך ווערט מען
אַרויפֿגענומען אויף דער פֿור אָן געלט, ווי אַ
טובֿה, אָדער פֿאַר ווייניק געצאָלט). „נעם אַ
ייִדן א', וואַרפֿט ער דיך אַרויס פֿון וואָגן“,

שוו. זיך לאָזן גיין צו פֿוס צום רבין אויף

-

אונטערפֿאָרן

יום־טובֿ און בּיסלעכווײַז א'. „שלמהלען איז
זכות אָבֿות בּײַגעשטאַנען אַרויפֿצוכאַפּן זיך צו

-

אים אין וואָגן און א'„, ממוס, שלמה. „אין
וועג האָט זיך [זי] געמאַכט אַ פּאָר בּיליקע
פֿורן, וואָס זיי האָבּן געקענט אַ בּיסל א'„,
לדבֿ. „זאָג איך צו אים [דעם קאָנדוקטאָ]: קיין
בּילעט האָבּ איך ניט, נאָר וואָס פֿאַר אַ שאָדן
וועסטו האָבּן אַז איך וועל א'?“, י. קאַצאָוויטש,
60 יאָר לעבּן.
2 פֿאָרן אַ קורצן מהלך בּשתּיקה, אָן וויסן

.

פֿון דעם אָנפֿירער (דעם בּעל־עגלה, דעם
קאָנדוקטאָר אע). זיך אַרויפֿכאַפּן אויפֿן וואָגן פֿון
הינטן און א', בּיז דער שמײַסער וועט עס
דערזען. זיך אָנהאַלטן אין אַ שטאַנג און א,
מיטן (אויפֿן) טראַמווײַ עטלעכע קוואַרטאַלן.
3. סתּם פֿאָרן ניט קיין ווײַטן מהלך (אַ

קורצע צײַט). א, אַ פּאָר וויאָרסטלעך. ,,און נאָך
דער אַרבעט פֿלעגט זי צוזאַמען מיט די
חבֿרטעס א, ביז אַ געוויסן אָרט,,, י. פֿאַליקמאַן,
סאָוו, היימלאַנד 3 l961, No. ,,איר קענט נאָך
הײַנטיקן זומער מיט ווײַב און קינדער א, אויף
אַ קוראָרט,,, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק,
מינסק 1929.

4. צופֿאָרן און בלײַבן אַ קורצע ווײַלע. א,
קיין בויבעריק אויף אַ וואָך צײַט.

5. צוקומען, דערנענטערן זיך פֿאָרנדיק. “די
בוידן מיט חתנס צד זײַנען צו אונדז
אונטערגעפֿאָרן מיטן גאַנצן קנאַק”. ,,ניט ווײַט פֿון
דער ראָגאַטקע א□ז אונטערגעפֿאָרן אַ פּאָטשט
מיט דרײַ פֿערד ווי די לייבן,,, ממוס,
קליינמענמשעלע.

6. נאָכפֿאָרן פֿאָרן פֿון הינטן. ,,איר פֿאָרט,

,

מיר וועלן א'”. □ צוקומען בשתיקה,
אונטערגנבֿענען זיך פֿאָרנדיק. ,,היט זיך, פּאָליציי קען
א'!,, ,,איז אונטערגעפֿאָרן אונדזער פֿורל [פֿון
די כאַפּערס] און מיר האָבן אים
אַרײַנגעשלײַדערט ווי אַ שעפּס”, אַנאָנים, אַמעריקאַנישע
גליקן, וואַרשע 1895.

8. צופֿעליק טרעפֿן פֿאָרנדיק. ,,אַ קאָטש מיט

דרײַ פֿערד איז אונטערגעפֿאָרן און פֿאַרשטעלט דעם וועג,,. ,,מיר האָבן דערזען א, עטלעכע פּויערים, האָבן מיר זיי אָפּגעשטעלט,,. 9. פֿאָרן עמעצן אַנטקעגן, כּדי צו באַגעגענען. ,,ער איז אַריבער דעם גרענעץ און האָט געשריבן דאָס איך זאָל...צו אים א',,, א. סאַפּיר, דער קליינעד קאַטערזניק, ווילנע תּרמ,,ג.

10. צוקומען, אונטערקומען אויף אַ ספּעציעלן אופֿן, מיט אַ ספּעציעלן מיין. א, מיט אַ טענה, מיט אַ גראָב וואָרט. א, מיט אַ חניפֿהלע. א, מיט אַ חכמהלע, מיט אַ גוטן אײַנפֿאַל. א, מיט אַ קלאָץ־קשיא. ,,און נאָכדעם האָבן זיי זיך שוין געפּרוּווט א, צו אים מיט אַ שמייכל, נתנען אין יד אַרײַן“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע.

11. אַרײַנפֿאָרן פֿאַרפֿאָרן מיט אַ פֿויסט,

,

מיט דער האַנט. שלאָגן. א, עמעצן אין די אויגן, אין די זײַטן.

12. (קאָרטנשפּיל) אַרויסגיין מיט אַ קאָרט וואָס שטעלט דעם צווייטן שפּילער אין פֿאַרלעגנהייט. א, מיט טרומף, א, מיט אַ צווייטל אאַזוו.

אונטערפֿאָרער

13. זײַן אין אַ צושטאַנד פֿון ערבֿ צעפֿאַלן (וועגן עפּעס אומבאַוועגלעכס וואָס איז אין סכּנה פֿון אָנהייבן 'זיך באַוועגן'). ,,די הײַזקע וועט א', אויב דו וועסט זי ניט אונטערשפּאַרן מיט עטלעכע קלעצער‘‘, רייד. *ער איז אונטערגעפֿאָרן = אויסגעצערט, אָפּגעשוואַכט.
־ונג. ־עכן. ־עניש.

אונטערסאָרער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿאָרט אונטער. אַ צופֿעליקער א'. זיך דורכשלאָגן דעם וועג ווי אַן א'. 2. ספּעצ ווער עס פֿאַלט אָן פֿון הינטן. ‘‘זײַ ניט קיין א'. ווילסט זיך שלאָגן, וועלן מיר זיך שלאָגן ערלעך,,. ספּעצ. ווער עס שטייט בײַם וועג און בעט מע זאָל אים אַרויפֿנעמען אויף אַ פֿור, אויטאָ ער זאָל קענען מיטפֿאָרן. ,,זאָלסט ניט אַרויפֿנעמען קיין א'ס, ווײַל מע קען האָבן צרות פֿון זיי,, ־ערײַ.

.

-

אונטערסאַרצן — אוטוו. פֿאַרץ אונטער, ~
גערפֿאָרצן, ~גערפֿאַרצט. וואול. פֿון צײַט צו צײַט
אַרויסלאָזן בויכווינט.

▯

אונטערסאַרריכטן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~פֿאַרריכט (פּד: ~פֿאַרראָכטן) פֿון צײַט צו
.
צײַט, אַ ביסל פֿאַרריכטן. ← אויספֿאַרריכטן.
א אַ מלבוש, א, די גאַסן. א, גרײַזן. א, דאָם
,

געזונט. א, די באַציאונגען צווישן צוויי מענטשן.
מיט ז י ך — צו ביסלעך, במשך אַ צײַט
קומען צו די פֿריִערדיקע כּוחות נאָך אַ קראַנקייט.
זיך א, און פֿונדאָסנײַ זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אונטערסאָרשן

פֿאָרשט רש אונטער, ~

גע—אָרשט. אויך: ~ . 1 פֿאָרשן עפּעס

.

— טרוו פֿ

.

פ

פֿון צײַט צו צײַט. פֿאָרשן בײַזן פֿאַרענדיקן.
לעבֿן אויף אַ פֿערמע אין צענטראַל־אַפֿריקע און
א, די פֿירונגען פֿון די שוואַרצע. נאָך אַ ביסל
א', צי די סטאַטיסטיק איז אַ ריכטיקע. 2.
גרינטלעך אויספֿאָרשן. א, ווער עס האָט זיך
באַטייליקט אין דער פֿאַרשווערונג. ־ונג.

אונטערסונעווען — טרוו. ־געווע אונטער,
~געפֿוגעוועט. (סטאָליערײַ) אַ ביסל (אָדער פֿון
אונטן) אויסשנײַדן, אויסזעגן, אויסדלאָטעווען

רינ(וו)עס, פֿאַרטיפֿונגען אין אַ קלאָץ (ברעט) אַרײַנצושטעלן אַ קלין, ברעטל אע.
אונטערפֿוטער — דער (דאָס), ־ס. 1.
אויסגעאַרבעטע פֿעל, גענוצט צו באַנײַען די אינעווייניקסטע זײַט פֿון אַ מלבוש. אַ זשאַקעט מיט שאָפּענעם א'. „דערויף ווערט אויסגערעכנט...א, (טיגער)“, קמ, 20 '1869 No. “דעם פּויערס קאַפּורע מיט דעם ציגענעם א, איז פֿאַרן קאָפּ ניט ערגער אַלס דער בעסטער קאָטיק־הוט“, צ. נ. גאָלאָמב, די בורזש ואַזיע, וואַרשע 1906.
2. יעדער סאָרט שטאָף, אונטערשלאַק, פּאָדשעווקע, שטײַפֿלײַוונט אַפֿילו וואַטע, אַלץ וואָס ווערט אײַנגענייט פֿון דער לינקער זײַט מלבוש. זײַדענער, האַלב־זײַדענער א'. סאַטינענער א,. טײַערער, שטאַרקער, ביליקער אאַזוו א'. „באותו היום הייתי על הבערש [= בערזע] עד שעה וחצי אחר חצות וקניתי לי באיי [= בײַקע] צו אונטער פֿוטער אונטרם ראָק,,, גה, 395. „סמוטני [= סאַמעטענע] קליידער אַפֿילו צו אונטער פֿוטער איז אָסור לנשים ולבתולות אַפֿילו לכלה

בּיום חופּתה...חוץ משחור סמוט,,, תּקנות משלש קהילות [אה"ו], תּע,,ה.

אונטערפֿוטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געפֿוטערט. פּפֿ: ~פוטרעווען. אַרײַננייען פֿוטער אָדער סתּם אונטערשלאַק אויף דער אינעווייניקסטער (לינקער) זײַט פֿון מלבּוש. א, אַ מאַנטל, אַ קאַפּאָטע. אויך: א, שטיוול — אויספּעלצן שטיוול, שיך מיט פֿוטער. ־ערונג.

אונטערפֿוילן — אוטוו פֿויל אונטער, ~ געפֿוילט. ווערן אַ בּיסל צוגעפֿוילט פֿוילן בּיס. לעכוויַז. די עפּל אין קעלער פֿוילו שוין אונטער. א, אין אַ תּפֿיסה. ,,דערנאָך האָט מען די פֿעלעכלעך פֿון די קעסלען אַרויסגענומען; ליגן זיי אַ שטיק צײַט, בּיז זיי הייבּן אַפֿילו אָן א, פֿון וואַרעם און נעץ,,, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928. ־עכץ. ־עניש.

אונטערפֿוילן זיך — אוטוו. פֿויל זיך אונטער, זיך ~געפֿוילט. אַ בּיסל זיך פֿוילן עפּעס

צו טאָן; פֿון צײַט צו צײַט ניט האָבֿן דעם
ווילן, געדולד צו אַרבעטן. „ער באַדויערט שטאַרק
וואָס בײַם פֿאָטערס לעבן האָט ער זיך
אונטערגעפֿוילט אינעם לערגען“, ממוס, שלמה. „די
פֿערד הייבן אָן זיך א', שלעפּן פֿאַמעלעך“,
ממוס, ווינטשפֿ. „ניט לאַנג געדויערט עס אָבער,
דער זייגער הייבט ווידער אָן א, זיך“, שע,
'דער זייגער'. „אַז אַ מענטש וואָלט זיך אַ
קאַפּעלע ניט אונטערגעפֿוילט, וואָלט דער מאָטאָר
זײַנער אויסגעברענט איינס און צוויי„, פֿאָר,
19 4□19 □I.

אונטערפֿוכלען — אוטוו. ־כל אונטער, ~
געפֿוכלט. פֿאַרוואָרלאָזן, אונטערפֿעלשעווען.
פֿאַרטאַטשעווען. „עס קען זײַן אַז ער פֿוכלט נאָך
אַ ביסל אונטער אין פּרט פֿון מלבושים אויף
דעם חשבון פֿון אַנדערע נייטיקע
באַדערפֿענישן„, זשיט X, 'דער ייִנגסטער שבֿט..

-

אונטערסוס — דער, ~פּיס. נידעריקער,
אונטערשטער טייל פֿון פֿוס (סטופּניע, סטאָפּע).
אונטערפֿוצ(י)עווען — אוטוו. ־צ(י)עווע
אונטער, ~געפֿוצ(י)עוועט. אונטערפֿעלשעווען. ניט

זײַן ווי מע ריכט זיך, ווי עס באַדאַרף צו זײַן.
„איי, בחורל, דו פֿוצעוועסט מיר אונטער:
אַנשטאָט צו לערנען, שפּילסטו זיך„, רייד. „און
די שטיבלעטן האָבן איצטער אויף דער עלטער
אַ ביסל אונטערגעפֿוצעוועט, חלילה נישט
צעריסן, נאָר שטאַרק צעטריסקעט„, שע, אָרעמע
און פֿריילעכע.
אונטערפֿורעמען — טרוו. ־רעם אונטער,
~געפֿורעמט פֿורעמען צו ביסלעך אָדער
פֿאַר.
ענדיקן פֿורעמען. א, אָרדענונג אין דעם
מישמאַש. א, דעם כאַראַקטער פֿון די יונגע תּלמידים.
־ונ□ .
אונטערפֿושן — אוטוו. פֿוש אונטער, ~
געפֿושט. מאַכן אַן אַרבעט ניט אינגאַנצן גוט,
ניט־אָפּגעהיט(ן). ניט לייגן גענוג אַכט עס זאָל
אַרויסקומען ווי עס באַדאַרף צו זײַן. א, און
מוזן אינגאַנצן איבערמאַכן. "אַ לערן־ייִנגל, האָט
ער נאָך אונטערגעפֿושט". ־ער.
אונטערפֿושערן — → דפֿוו. אויך: בײַ אַ
שפּיל טאָן עפּעס ניט גענוג גוט, ריכטיק. א,
בײַם שפּילן שאָך. א, מיט אַ טרומף.

-

אונטערפּיטערן זיך

אונטערפּיאָ צקען, ־קעווען — טרוו. ־צקע, ־קעווע אונטער, ~געפּיאָצקעט, ־קעוועט. געוויינטלעך מיט ז י ך, רעפל. פון צײַט צו צײַט אָדער אַ ביסל (זיך) פּוצן אויף אַ ביליקן אופן, אָן געשמאַק, אין שרײַאיקע פאַרבן. א, זיך ווי דעם בעדערס טאָכטער.

-

אונטערסיבערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~ געפּיבערט פון צײַט צו צײַט אָדער אַ ביסל
.
ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער, ווי אין פיבער. א, פון קעלט, פון אויפרעגונג אדגל. א, פאַר אַן אויפטריט.

אונטערפּיגעווען — טרוו. ־געווע אונטער, ~געפּיגעוועט. (סטאָליערע) אויסהובלען אויף אַ לײַכטן אופן. דזוו אויספּיגעוועו (←), גאָר פון אונטן.

אונטערפּידלען — ־דל אונטער, ~געפּידלט. אוטוו — שפּילן אויף אַ פידל ניט גוט אָדער אַ ביסל פון צײַט צו צײַט. „זיי זינגען פאָלקס,

לידער און ער פֿידלט אונטער,.. ,,־— זיך
אויסגעלערנט שפּילן פֿידל? — ניין, נאָר א',,, רייד.
טרוו — 1. אָפּנאַרן, אונטערנאַרן, פֿאַרפֿירן.
א, דעם יאָלד. ,,כ'האָב אַ וואָך אונטערגעפֿידלט
(אונטערגעגנבֿעט) 'האָב איך צוויי יאָר נישט
געצאָלט קיין רענט (געזעסן אין תּפֿיסה)',,,
דר, י. וואַלאַך, טמז, 2 .18 ▯ 1965 .II
צופּוצן, עס זאָל אויסזען בעסער בײַם
שוויגדלערישן פֿאַרקויפֿן. ,,פֿערד־גנבֿים אַז זיי רעדן פֿון
זייער מלאָכה זאָגן זיי: 'געשאָסן אַ פֿויגל', '
אָפּגעקייטלט, און 'אַרויסגערופֿן, פֿון שטאַל...'
אונטערגעפֿידלט, בײַ אַ ציגײַנער,,, שע, ,
מאָשקעלע גנבֿ'. 3. קאַסטרירן אָדער בכלל אָפּערירן
אַ פֿערד [י. טריוואַקס, 'גנבֿים־שפּראַך', בײַ אונז
יודן, וואַרשע 1923]. 4. במקום־ווערב פֿאַר
-
פֿאַרשיידענע טואונגען וואָס מע פֿירט דורך אויף
גיך בײַ אַ שווערער סיטואַציע. ,,דערזען אַז
מע קוקט אויף אים, האָט ער אונטערגעפֿידלט
דאָס פֿערד און האָט זיך געלאָזט ווי אַ וויכער
גלײַך צום טײַך,,, שע, ,מאָשקעלע גנבֿ'. מיט
ז י ך — זיך אַרויסשטעלן מיט כלומרשטן מוט,
זיך צוגעבן קוראַזש. זיך א, פֿאַר דער חבֿרה
יונגען.

פֿיטערט. ר — טרוו ־ער אונטער, ~
גען .
. געבֿן עסן פֿון צײַט צו צײַט,
אונטערפֿיט

צו ביסלעך (אָבער גענוג, צו זאַט). א, די
אייניקלעך, ווי נאָר זיי קומען צו דער באָבען.
אַרײַן. רדל איידער מע לאָזט זיך איו וועג
. האָדעוועו מיט ווינציקער שפּײַז
א, דאָס פֿ

-

(קאָרמע) ווי נייטיק. אונטערדערנערן. „ווען איך
זע פֿערד וואָס זײַנען משׂא־פֿירער וועלכע
ווערן...איבערגעאַרבעט און אונטערגעפֿיסערט...„„
ווינטש I. [אונטער דער השפּעה פֿון ענגלישן
ווערבֿ ee(l n(ler I..]

אונטערסיטערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך פּאַשען צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן.
די בהמות פֿיטערן זיך אונטער אויף דער
לאָנקע. 2. פֿון צײַט צו צײַט זיך גוט
אָנעסן. א, זיך מיט געבראָטענע קאַטשקעלעך.
א, זיך אין די קרעטשמעס און פֿאָרן אַלץ
ווײַטער. 3. סתּם פֿיטערן זיך (א ו נ ט ע ר איז
דאָ אַ מיטל בולטער צו מאַכן, אַרויסצוהייבן).
זיך א, אויף יענעמס חשבון. „דער רבי האָט

אונטערפֿײַלן

געשלאָגן בלאַט מיטן תּלמיד...און האָט אַרום
אים זיך גוט אונטערגעפֿיטערט„. שע, אָרעמע
און פֿריילעכע. ־ונג. ־ניש.
אונטערפֿײַלן — סרוו פֿײַל אונטער, ~
גע.
פֿײַלט. 1. צופֿײַלן. פֿײַלן צו ביסלעך, פֿון
צײַט צו צײַט. א, די נעגל. א, די גווינטן זיי
זאָלן אַרײַנפּאַסן. א, עס זאָל ניט זײַן אַזוי
שאָרסטקע. 2. פֿײַלן פֿון אונטן. א, די
גראַטעס. א, די אײַזנס, איידער מע קען זיי

אַרײַנהאַקן. ־עניש.

אונטערסײַערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געפֿײַערט. 1. אונטערלייגן פֿײַער פֿון אונטן. מאַכן אַ פֿײַער גרעסער. א אַ סטויג היי און אַװעקלאָזן מיטן רויך. 2. אונטערהעצן, צעפֿלאַקערן, גרעסער מאַכן אַ סכסוך, אַ מחלוקת. א, די צוויי צדדים אַז מע זאָל זיך רײַסן בײַ די האָר. א, די שיכּורים זיי זאָלן אַרויס אין גאַס און שלאָגן די פֿאַרבײַגייערס. 3. אוטוו — שיסן פֿון צײַט צו צײַט. „אַ גאַנצע נאַכט האָבן אונטערגעפֿײַערט די קאַנאָנען“, רייד.

מיט ז י ך — צוגעבן זיך מוט, אימפּעט, פֿײַער. א, זיך מיט בראַנפֿן. “דער וואָיט מיט זײַן גאַנצער חבֿרה האָבן זיך אונטערגעפֿײַערט און גענומען גוואַלדעווען קעגן...“, רייד.

אונטערסײַפֿן — טרוו. פֿײַף אונטער, ~ געפֿײַפֿט (~געפֿיפֿן). 1. פֿײַפֿן צו ביסלעך, מיט

איבעררײַסן. פֿײַפֿן אין דער שטיל פֿאַר זיך.
א אַ לידל, אַ מעלאָדיע בײַ דער אַרבעט.

,

,,און א'דיק עפּעס אַ גויאיש לידל פֿלעגט ער
זיך אַװעקגיין מיט אַ חבֿרה יונגען“, װויספּע,
קאָװנע 1 1921, No. אויך מיט ז י ך. 2.
באַגלייטן אַ זינגען מיט פֿײַפֿן. חבֿרה זינגען און
איינער פֿײַפֿט אונטער. 3. אָפּנאַרן, אָנפֿײַפֿן
און ניט געבן דאָס צוגעזאָגטע. באַשװינדלען.
א, דעם איידעם בײַם אָפּגעבן דעם נדן. א,
דעם מלווה, די קרעדיטאָרן און מאַכן פּליטה.
4. צונעמען אויף אַ שװינדלערישן אופֿן. א, די
פּאָר רובל פֿון עמעצן און אַנטלויפֿן אָן אַ
זײַט־געזונט. א, דעם נדן און לאָזן דעם
איידעם מיט דער פֿעטער מציאה. 5. צולקחענען,
צוגנבֿענען. א, בײַם פֿרעמדן דאָס רענצל.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אוגטערפּילאָסאָפֿיר — .װטוו ־פֿיר אונטער,
ן .
~פֿילאָסאָ— פֿי אָזאָפֿירן. (
בײַפֿירט. אויך: ~
טעם פֿון ביטול) אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט
זיך גריבלען, חקרנען, פּשטלען זיך װעגן אָדער
מיט (כּלומרשט) טיפֿע געדאַנקען. א, װי אין

בית־מדרש בײַ דער הרובע. א, וועגן די
באַנאַלסטע זאַכן. ־ונג.
אונטערפֿילן — [קורצע י אין פּד] טרוו פֿיל
.
אונטער, ~געפֿילט פֿון אונטן אָדער אַ ביסל
.
אָנפֿילן, אָנשטאָפּן. א אַ קישן מיט פֿרישע
,
פֿעדערן. נאָך א, דעם זאַק מיט שטרוי.
אונטערפֿילצן — טרוו פֿילץ אונטער, ~
גע.
פֿילצט. באַדעקן עפּעס מיט פֿילץ אַ ביסל
אָדער פֿון אונטן צי פֿון אינעווייניק. א, דעם
זיץ פֿון דיוואַן. א, די שטיבלעטן, די באָטן.
־דונג.
אונטערפֿינגערן ־ טרוו. ־ער אונטער, ~
געפֿינגערט. נעאָל. אונטערשטעלן, אונטערלענען

, 7

אַ פֿינגער אוגטער עפּעס. ,,מעכל־עליע האָט
אונטערגעפֿינגערט דעם שטערן זײַנעם מיט דעם
לענגסטן פֿינגער,,, נאַד.

אונטערסינדונג — די, ־ען. אַרכ. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערפֿינדן, ← דוווו. א
אויסגעפֿינונג. „די א, האָט בּאַוויזן...“, 'תּקנות
להשומרים אצל הגבֿינות„ אַמשט 1846.

אונטערסינדן — טרוו. ~פֿינד, ~פֿונדן. אַרכ.
איצט ניט מעגלעך. אויסגעפֿינען. זיך
דערוויסן וועגן עפּעס ווי אַ רעזולטאַט פֿון חוקר
ודורש זײַן, קומען צו אַ מסקנא (וועגן עפּעס)
ניט מיטאַמאָל נאָר בּמשך אַ צײַט. „להיות דשׂ
פּרנסים דקהל אַשכּנזים...אונטר פֿונדן האבּין
דשׂ התּקנות דקהלתינו...על ידי כּמה יחידים א
וחשובֿי קהלתינו ניט כּהגון אובּסערפֿירט
ווערן„, אַמפֿליאַצי על תּקנות דקהלתנו, אַמשט
1759. „מיר אונטר פֿינדן טאגליך דשׂ איין
זאַך דיא ניט וואַר איז קיין בּשטאַנד האָט“,
שאַך.

אונטערסינצטערן — ־ער אונטער, ~
געפֿינצטערט. אוטוו — 1. פֿינצטערן, ווערן
פֿאַרשוואַרצט, אויסשטיין צרות צו ביסלעך, אַ
לענגערע צײַט. „ער האָט געהאָט קאַלטס און
וואַרעמס און גאַנץ פֿײַן אונטערגעפֿינצטערט היפּשע
עטלעכע יאָר“, רייד. 2. דריטפּערזאָניק,
פֿינצטער ווערן ביסלעכווײַז. „ס'איז בין־השמשות,
ס'האָט אָנגעהויבן א',. טרוו — מאַכן
פֿינצטערער, טונקעלער. מאַכן אַ ביסל פֿינצטער. א,
דאָס ליכט אויף דער בינע. „אַ שיינער נחת!
ער פֿינצטערט מיר אונטער די יאָרן„, רייד.
אונטערפֿינקלען — אוטוו. ־קל אונטער, ~
געפֿינקלט. פֿינקלען, גלאַנצן, שײַנען צו ביסלעך,
מיט איבעררײַסן. א, מיט די אויגן, מיט די
בריליאַנטן אויף די פֿינגער. „פֿײַערלעך
פֿינקלען אונטער פֿון דער ווײַט“. „דײַן שטערן
וועט נאָך א'“. „ערטערווײַז פֿינקלט אונטער אַ
שטערנדל ווי אַ דימענט, ווי אַ בריליאַנט“,
י״ז בן־אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע
1894. ־עניש.
אונטערפֿיסל — דאָס, ־עך. 1 פֿקפֿ פֿון
.
אונטערפֿוס ←. 2. וואַגאָן־טרעפּל. „זע, דאָס
א, איז צו קורץ. דו דאַרפֿסט אַ שפּרונג טאָן„,

רייד. 3. אַרויסגערוקטער פּוס כּדי עמעצער
זאָל זיך פּאַרטשעפּען, זאָל פּאַלן. „וועסט קריגן
אַ פּאַטש פּאַרן שטעלן אַן א'„, רייד.
4. דזוו הינטערפּיסל. שטרויכלונג, מכשול;
שפּיצל (עמעצן צו שטערן). אַן א, פּון אַ
קאָנקורענט. „חבֿרה לצים אין בית־מדרש האָבן
אונטערגעשטעלט דעם חסיד אַן א', כּדי אים מבֿלבל
צו זײַן אין דאַווענען“, רייד.
5. געוויינלעך אין מצ, א'עך. טאַנץ אָדער
טייל פּון אַ טאַנץ, ווען מע שטעלט די טריט
אויף צוריק, (אויף) הינטערווײַלעכס. טאַנצן
(אויך — גיין) א'עך = מין טאַנץ אויף
הינטערווײַלעכס. *גיין א'עך = אויך גיין
פּאַמעלעך (סאָניק און סבֿיבֿה, גאַליציע).
אונטערפּיצקען — טרוו. ־קע אונטער, ~
געפּיצקעט. 1. געבן קליינע פּעטשלעך אָדער
שמײַסן מיט אַ רוט לײַכט און צו ביסלעך.
א, אין הינטן. א, דעם בן־יחיד ער זאָל זיך
ניט איבערנעמען צו פּיל. 2. מאַכן צו

ביסאונטערפּירן

לעך קלענער, קירצער, ווינציקער. „פּריִער פּלעגט
ער זײַן בערדל א, מיט אַ שערל, איצט האָט

ער קיין האָר ניט גערירט,,, פּ. רודאָי, סמז, 9 1964 II. ־עניש.

-

ונטער סיר אויגן — אַדוו פּראַזע. צווישן (בלויז פּאַר) צוויי מענטשן, אָן אַ זײַטיקן. שמועסן, קאָנפֿערירן א, פּ, א'. ,,איך ליבּי דעם יעניגן זוא מיר מײַנה פֿעהלער אונטר פּיר אויגן זאָגט,,, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ,,ט. ,,איז אויך מײַן ווילן דאָס זאָל אַ געהיימניש בלײַבן, מיר וועלן זיך פֿאַרשליסן א, פּ, א',,, נײַע טויזענד און איינע נאַכט, וואַרשע 1852.

▯

ונטערסירן — טרוו. פּיר אונטער, ~געפּירט.
1. פּירן אַ ביסל, פּירן מיט דער פּור אַ טייל פֿון וועג. א, דעם פּוסגייער. א, צום וואָקזאַל. ,,ר, ייִד, איר זענט אַוודאי שוין פֿאַרמאַטערט. לאָזט מיר פֿאַרדינען אַ מצווה. איך וועל אײַך א',,. ,,ס'האָט זיך באַדאַרפֿט מאַכן, מיכלען זאָל

באַשערט זײַן אונטערצופֿירן...אין דער ישיבֿה אַרײַן ר, חיימס אַ זון,,, ממוס, שלמה. ,,קריכט אַרויף, וועל איך אײַך א, צום חדר“, מ. ווײַסמאַן, פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש.

2. מיטגיין אַ קורצן מהלך, צופֿירו (דערבײַ זײַן אַ היטע). א, אַ שטיקל וועג. א, ביזן ראָג גאַס, ביז אַ ליכטיקער גאַס. א, ביזן טראַמווײַ, אויטאָבוס אע. ,,אַ מאַן האָט אונטערגעפֿירט די ווײַב אין באָד אַרײַן“, פֿמ. ,,קום, זאָגט דער יונגערמאַן, קום, איך וועל דיך א', ביסט דאָ, ווי איז זע, נאָך גאָר אַ פֿריץ“, ממוס, ווינטשפֿ.

3. ספּעצ צופֿירן ביז צו דער היים. א, אַהיים בײַנאַכט. א, די דאַמע, ווײַל עס איז שוין שפּעט. ,,בלײַבט נאָך אַ ווײַלע, האָט ניט מורא, איך וועל אײַך א',,. ,,איך וועל אײַך בשום אופֿן ניט לאָזן גיין איצט איינע אַליין; איך מוז אײַו א, ביז צו אײַער היים“, ממום, קליינמענטשעלע.

4. פֿירן פֿאַר דער האַנט. א, אַ קינד (אַן אַלטיטשקע) בײַם אַריבערגיין די גאַס. ,,העלפֿן דעם געמיינעם, געזונט מאַכן דעם קראַנקן...א, דעם בלינדן,,, דער רײַזנדער, וואַרשע 1883. ,,און פֿרעגט זיך אין דרויסן אַ בלינדער — קען מען א, דעם בלינדן?“, מלה, לידער I.

5. באַגלייטן מיט פּאַראַד. נאָכגיין מיט געזאַנג, מיט מוזיק. א, מיט פּויקן און צימבלען. באַגלייטן מיט באַזונדערער געהויבנקייט. ,,אַזו וועלן מיר מיט אונזרן לערנן דיא הײַנטיגי נאַכט [שבֿועו] אַך אונטר פֿירן דיא ליבּי שכינה צו דען מלך מלכי המלכים הקבּ,,ה‘‘, אַריה ליבּ זעליגמאַן, תקוני המועדים פֿיורדא

,

.1725

6. דזוו בּ, מיט איר. פֿירן אונטער אַ וואַך פֿון דער פּאָליציי. א, מיט קייטעלעך אויף די הענט. *א, מיט פּאַראַד(ע) = אויך געפֿירט ווערן אַרעסטירטערהייט.

7. פֿירן צו דער חופּה. א, חתן־כּלה. ,,דער חתן איז געווען אַ יתום, האָט אים אונטערגעפֿירט דער עלטערפֿעטער‘‘, רייד. ,,מיר ווילן דאָס דו זאָלסט בלײַבן זײַן כּלה בּיז איבּער באַדעקנס...נאָר אונטער דער חופּה זאָל מען א, די שוויגער און ער וועט איר מקדש זײַן‘‘,

אונטער ירנס

ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. „שׂרה זעלבערט האָט מוזן נעמען דאָס אונטערפֿירן אַז מען איין כּלה אונטערפֿירט„, צור, לך־לך.

8. צונויפֿפֿירן (וועגן מאַן און ווײַב). „עש שטיט אין פּסוק גאָט האָט גיבראַכט אַן (חוה) צו (אדם הראשון), דש לערנט אונש דש הקב„ה האָט גיהאט דש אונטר פֿירן בײַא אדם הראשון„, מהמ, אַמשמ 1722.

9. צוגרייטן צו דער חופּה, דער חתונה. דורכפֿירן די מצווה פֿון הכנסת־כּלה, געבן געלט אַן אָרעמער כּלה. "והכנסת כלה לחופּה שקורין אונטר פֿירן רשאי ליקח ממעות מעשׂר„, דרך משה, ליום י"ח, אַמשט 1699.

10. מיטהעלפֿן. מיטגיין אַ לאַנגן וועג. דורכמאַכן אַ לעבן אינאיינעם. א, אַ קינד דורך אַלע קלאַסן. א, דעם קראַנקן ווי לאַנג ער נייטיקט זיך. „זי וואַר אַלט אַ יאָר פֿערציק ...און וואַר נאָך אין שטאַנד אונטערצופֿירן אַ מאַן שיינע עטלעכע שטאַציעס אויף דעם...וועג אין לעבן„, אמד, דער הויזלערער, ווילנע 1872.

11. צופֿירן (עפּעס) בשתּיקה. א, קאָנטראַבאַנד(ע). „איך האָב אַרום הי עטלעכע אַרענדאַרעס פֿירן זיי מיר אַלעמאָל אונטער באַ...

רילקעכער בראָנפֿן בשתּיקה“, יפֿ. א, די
האַרמאַטן נעמטער צום שׂונאס פּאָזיציעס. 12.
אַפּטאָן אַ שפּיצל; אָפּנאַרן אויף אַ גוטמוטיקן
אופֿן. *א אַ נומער = אָפּטאָן אַ שפּיצל (דער

עולם אָרום זאָל לאַכן). „אָבער גיין האָבן
טענות צו אַ מאַמען, אָז זי האָט אים

אונטערגעפֿירט“, מ. י. בערדיטשעװסקי, ייִדישע כּתבֿים.
„האָט דער שׂטן אָנגעהויבן א אַז אַלע פּאָר

װאָכן האָט מען ניט געבּרענגט קיין פֿיש אין
מאַגעלניצע„, הרבֿ ש. א. הרשקאָװיץ, דער
הייליקער שבת, בני־ברק, א“י.
13. אָפּנאַרן מיט אַ כּוונה אַרויסצושטעלן
אויף לײַטיש געלעכטער, בײַז צו טאָן, צו
שעדיקן. „א, איינעם װאָס װעט מיינען אַז ער
װעט געפֿינען אַ ליידיק האַרץ בײַ מיר„, מ. ב.
זאַביעזענסקי, די שװערע צײַט ‎װ, װאַרשע 1887.
„מיך װעט מען שוין אַזוי גיך ניט א', אָבער
גאָר לא!“, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס. ‎ „'אָבער
כ'האָב אים אונטערגעפֿירט', האָט ער זיך
געטרייסלט לאַכנדיק“, צײַט. „'זעלטן־װען
געדאַליטש פֿירט אונטער', האָט מיר

אַרײַנגעדונערט אין אויער אַרײַן מײַן שכן דער שעף“,
ט. גען, סאָוו, הײמלאַנד, 6 l963, No.
14. אַרײַנבּרענגען עמעצן אין אַ שלעכטער
סיטואַציע. א, דעם סוחר, דעם קאָנקורענט.
15. אײַנרעדן עפּעס צו טאָן; עפּעס
אויספּועלן. “און אַז הערש דער לאַנגער האָט
זיך אַ בּיסל אונטערגעטרונקען, האָט מען אים
אונטערגעפֿירט ער זאָל זינגען עפּעס“, ח. י.
פּערל, פֿאַרלאָשענע ליכט אין מארמאָרעש, תּ“א
תּשי,,ח. 16. אָנציִען, אונטערהעצן. א, אַ
קריגערײַ.
17. צונויפֿרעכענען. אונטערציִען, אָפּשליסן
אַ חשבּון, מאַכן אַ בּאַלאַנס. “און אַז אַלץ
גייט איבּער, הייבּט מען אָן א, חשבּונות“, שע,
אַלט־נײַ כתרילעווקע. ,,און עטלעכע אָוונטן
נאָכאַנאַנד בּײַ זיך אין קאַבּינעט מיטן קאַסיר די
אַלטע און נײַע בּיכער אונטערגעפֿירט,,, בּערג,
נאָך אַלעמען.

18. אַרויסבּרענגען אויף קלאָר דעם סך־הכּל
פֿון מעשׂים וואָס מע האָט אָפּגעטאָן פֿון
לע,

בנסוועג וואָס מען איז דורכגעגאַנגען. מאַכן אַ
חשבון וועגן אויפֿטוען, דערגרייכונגען. „
עפּענען מיר זײַן ספֿר־הזכרונות פֿירן אונטער
,
אַ סך־הכּל צו אַלצדינג וואָס ער האָט געטאָן“,
שע, 'פֿרישמאַנס יובֿל'. „ער האַלט בײַם א,
דעם סך־הכּל פֿון אַלע פֿריִערדיקע לעקציעס“,
בערג, בײַס דניעפּער II. „עס איז די העכסטע
צײַט מיר זאָלן א, אונדזערע חשבונות אויך
מיט דעם שאָדוויניזם“, זשיט III ׳י, נ„י 1919.
19. אונטערשמירן מיט עפּעס. מאַכן אַ
פֿאַרביקע ליניע. א, מיט אַ באַרשט נאָך אַ
קאָליר. א, מיט שיינער געלער ליים די
ערדענע פּאָדלאָגע. 2O. ספּעצ בײַם מאַכן זיך
שיין. א, די א ו י ג ן. „איר איז געלונגען אויך
עטוואָס א, אירע אויגן“, טמז, 9 1963 ׳I.
„אונטערגעפֿירט אויפֿן אָרט פֿון די ברעמען“,
נאַד. א, מיט בלוי.
21. פֿירן אַהין און אַהער דעם סמיטשיק.
„ר, פֿײַוול האָט אַ פֿיר אונטער געטאָן מיטן
סמיטשיק, דאָס האָט נאָך מער געהויבן דאָס
מאָראַלישקייט“, ייִט, טמז, 16 1960 IX.
22. אַרײַננעמען אָדער אַרונטערפֿידן אונטער
אַ פּאַראַגראַף, רובריק פֿון געזעצבוך. „האָט

מען דאָס פֿאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל און אונטערגעפֿ􏰀רט אַזאַ 'סטאַטיאַ'...,,, שע, אָרעמע און 􏰀ריילעכע.

אונטערפֿיר, דער. ־ונג. ־עכץ. ־עניש — ,,טאַנצן פֿייעלעך־צדיקות אין געלבלעך־גרויע קאַצאַווייקעס, נעמען א, אין איַ־לעניש און שטופּעניש,,, ר, מרדכילע, משלים.

אונטערפֿירנס — דאָס. מצ נ􏰀. 1. אַקט פֿון אונטערפֿירן. דאָס פֿירן חתן־כּלה צו דער חופּה מיט אָנגעצונדענע ליכט, מיטן בדחנס זאָגעכץ אאַזוו. נעמען א, — פֿירן חתן־כּלה

־-.

צו דער חופּה. ,,מע מעג קויפֿן פֿון מעשׂרגעלט וואָס פֿאַר אַ מצווה מע וויל, הן קוואַטערשאַפֿט אָדער סנדק אָדער מוֹהלשאַפֿט אָדער אונטערפֿירנס", הנהגות אדס, וואַרשע 1845. ,,זי האָט זוכה געווען דאָס קינד חתונה צו מאַכן און דער רבי ר, משה־ליב האָט דעם חתן גענומען א',,, ספֿר שבֿחי רמ"ל, לעמבערג [יאָר?].

,,ער האָט אַ נעם געטאָן דעם ע􏰀לוי אונטערן אָרעם ווי מע נ ע מ ט א"", אָפּאַ, ייִדן־לעגענדע.

2. איר. אינסטאַלירונג פֿון אַ ניַיעם 'באַאַמטן, אין אַן אָרגאַניזאַציע. ,,מיר האָבן אַ ניַיעם

פֿאָרזיצער און מע דאַרף גיין צום א'", רייד.

-

אונטערסירער — דער, ־ס (אויך ווי אצ).
וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס פֿירט חתן־כלה
צו דער חופּה [באַזירט אויפֿן מנהג פֿון
שושבֿינות אין דער תּלמודישער תּקופֿה]. [בײַם חתונה
מאַכן דאָס ערשטע קינד זײַנען די א'ס געווען
די עלטערן. דערנאָך האָט מען געקענט
צוטיילן דעם כּבֿוד עמעצן פֿון דער משפּחה אָדער
אַפֿילו חשובֿע לײַט ניט פֿון דער משפּחה.]
„און, פֿון איקליכן אַז מן מוסיף איז, געבֿן
דיא אונטר פֿירר איין רבֿיעי לצדקה", תּקק.
„ולקרות [= רופֿן צו דער סעודה נאָך דער
חופּה] רק ארבע מנינים, חוץ פּסולי־עדות
דאורייתא ואונטר פֿירר...", 'תּקנות ועד תּ„ל,
(1670) [שד, פּנקס טדינת ליטא]. "מיר זאָלן

-

אונטערפֿירער

זײַן גלײַך צו דײַנר ליבּה שכינה אַלז וויא
איין אונטר פֿירר דער וואו איין מלכּה אונטר

דער חופּה פֿירן טוט“, תּקוני המועדים פֿיורדא

,

1725. „הרבּנית בּריינלי והקצינה יאַכט זײַנין דיא אונטר פֿיריר גיוועזין„, גה, 298. „מיט דער כּלה קי􏰀ן שהיות געמאַכט, האָט מען זי צום חתן געבּראַכט; די א'קעס דרייען זיך פֿרום דרײַ מאָל מיט איר אום דעם חתן אַרום„, עט, לידער. „מע טאַנצט פֿאַר די קלעזמער, פֿאַר די מחותּנים מיט די א'ס„, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „מאָרגן וועט זי מיט איר חתן דאַרפֿן גיין אונטער דער חופּה און די שפּיטאָל־ווײַבער וועלן זײַן די א'ינס„, ספּ, סקדו􏰀נ.

2. אויך ווע􏰀. עס דרייט זיך אַרום די צוויי פּאָר א'ס. „דעם חתנס א'ס העלפֿן אים אָנטאָן דעם קיטל און די שיינע יום־כּיפּור־היטל„, עט, לידער. „האָט איטלעכער א, געמוזט אַ ליכט דאָך טראָגן אין דער האַנט. דער ליכטפּאַכטער האָט די הויט געשונדן„, הירש רייטמאַן, דער קיטל, ווין 1863.

3. ווער עס פֿירט דורך די פּראָצעדור פֿון 'לייגן פֿירן'; ווער עס פֿירט חתן־כּלה אין זייער חדר מיוחד. „אַז די כּלה שעמט זיך,

מוזן די א'ס אַוועקגיין,,, שוו. ,,זיי פֿלעגן מוזן אונטערריכט נעמען בײַ זייער פֿאַרהייראַטן זיך פֿון די א',,, צ. נ. גאָלאָמבּ, אַ יונגע טויבּ פֿאַר אַ קרבּן, ווילנע 1895.

4. ווער עס פֿירט צונויף אַ מאַן מיט אַ פֿרוי. ,,דער חירם [מלך צור] איז גיהיישׂן וואַרן בּייא יהודה חירה, אונ, ער איז גיוועזן ...איין אונטר פֿירר דא יהודה איז גילעגן בּייא תּמר,,, צאינה, תּרומה. ,,שׂרה איז געווען די א ו נ ט ע ר פֿ י ר י ן פֿון איר מויד,,, צור, לך־לך.

5. זן. קוואַטער, ספּעצ קוואַטערקע בּײַ אַ בּרית. ,,זאָל מכּאן ולהבּא יעדר סנדק מאַן אונ, אונטר פֿיהררן...פֿר בּונדן זײַן כּפֿי התּיקון להבּה,,מ [= להבּית־המדרש] צו צאלין" 'פֿון אַ פּראָטאָקאָל פֿון וועד־הקהל אין ני(ד)רענהיים', כא אייר תּקל,,ז.

6. ווער עס בּאַטייליקט זיך אָדער לויפֿט נאָך אַ פּאַראַד, אַ מאַרש, אַ געזעמל, אַ טומל אין גאַס. 'נאָכלויפֿער', מיטלויפֿער. "מיר זײַנען געגאַנגען, מיט אַ גאַנצער כאָפּטע א □ , געפּענטעט מיט בּראַסלעטן, אַ קאַפּעליע פֿון קייטן האָט געצימבּלט,,, ממוס, פּריזיוו.

7. ווער עס פֿירט אונטער, נאַרט אָפּ. ווער

עס פֿירט אַרויף אויף שלעכטע וועגן,
פֿאַרפֿירער. ,,ער האָט נאָר שטענדיק געשפּילט אין
קאָרטן מיט שלעכטע און געמיינסטע
גאַסניונגען, און נאָך דערצו האָט ער באַקומען
דעם ר, משולמען פֿאַר אַן א'“, ל. פּימסנשטיין,
די צוואָה, לעמבערג 1894.

8. איר. געהילף פֿון פֿירער. ,,פֿיל פֿון די
מזרח־דײַטשע פֿירער און א, האָבן אויך '
פֿאַרלוירן, די יאָרן פֿון דער נאַצי־צײַט,,, מ.
עלבוים פֿאָר, 1964 27.

־ערײַ (ספּעצ ב7).

וונ אָן ־ער־ ← ב4 און בײַ ייִל: ,,די
א ו נ ט ע ר פֿ י ר ק ע ס בלאָזן זיך אויבנאָן“, קמ,
.No ,18 7 44

אונטערפּירערשאַפֿט

אונטערסירערשאַסט — דאָס & די, ־ן.
1. פּראָצעדור פֿון אונטערפֿירן חתן־כּלה. „,
ווען זאָל מען מכבּד זײַן מיט א'?„, רייד.
2. די פּאָר(ן) וואָס זײַנען די אונטערפֿירערס.
„צוויי פֿעטערס און צוויי מומעס זײַנען
געווען די א,“, רייד.
אונטערפֿלאַך — די, ־ן פֿלאַך פֿון אונטן,
.
אין דער נידער (אין היפּוך צו אייבערפֿלאַך).
“אויף דעם א, פֿון שטיין אַנטדעקן מיר אַ
וועלט מיט לעבעדיקע באַשעפֿענישן„, ש. בּלוס,
דער בּויס פֿון לעבן, נ“י 1931. „דער שפּיץ
צונג איז אַרונטערגעבויגן אַזוי אַז זײַן א,
טוליעט זיך צו די אונטערשטע שנײַדציין„,
יאי, ייִשפּ XXI, 1. ־יק — אַדי.
אונטערפֿלאַמען — טרוו פֿלאַם אונטער, ~
געֿ
פֿלאַמט. 1. אַ בּיסל, צו בּיסלעך מאַכן
שטאַרקער אַ פֿלאַם. צעבלאָזן אַ פֿלאַם. א, דעם
אויוון. 2. אָנרייצן, אויפֿהעצן, אונטערהעצן.
„אַז זיי [די שׂונא ־ישׂראל] האָבן
אונטערגעפֿלאַמט דעם פּעבל..„ זײַנען זיי איבערגעפֿאַלן

די גרויסע שול“, קמ, 25 1867, No. אוטוו —
ווערן אַ ביסל אָדער צו ביסלעך רויט. די
באקן פלאַמען אונטער פון אויפרעגונג ־עניש.
—
.
אונטערפלאַסטערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געפלאַסטערט. 1. אונטערברוקירן מיט
אַספאַלט, צעמענט. א, דעם הויף. 2. צולייגן
א פלאַסטער פון אונטן פאַרדעקן מיט אַ
— —
.
פלאַסטער. א, די וואונד פון אונטערלייַב. 3 פיג.
—
.
א, דעם וועג פאַר נייַע אונטערהאַנדלונגען.
־ונג.
אונטערפלאַקערן — ־ער אונטער, ~
געפלאַקערט. טרוו — 1. צו ביסלעך, ניט מיטאַמאָל
מאַכן ברענען מיט אַ העל פייַער. א, דעם
אויוון. 2. אויפהעצן. א, אַ שׂנאה, אַ מחלוקת.
אוטוו — צו ביסלעך אָדער אַ ביסל פלאַקערן.
„דאָס פייַער פלאַקערט אונטער און מיר זיצן
אַרום דעם שייַטער“.
אונטערפליאַסקען — אוטוו & טרוו. ־קע
אונטער, ~געפליאַסקעט. 1. שלאָגן, פאַטשן
(מיט אַ רוט, מיט דער האַנט) עס זאָל זיך הערן
אַ פליאַסק. א, (אין) די אויגן. א, (אין) די

ביידע באַקן. 2. פּעיאָ. אונטערשמירן, אונטערפֿאַרבן, אונטערקאַלכן אע, ווען מע גיט אַ גאָס דעם מאַטעריאַל. א, קלײַ, שמירעכץ, פֿאַרב אאַזוו אויף דער וואַנט אאַ. אויך: א, די וואַנט.

־עכ▯ן. ־עניש. ־ערײַ.

אונטערפֿלייסן זיך — אוטוו פֿלײַס זיך

—

.

אונטער, זיך ~געפֿלײַסט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט זיך באַמיִען, אַרויסווײַזן פֿלײַסיקייט. א, זיך און ווערן אַ בעסערער תּלמיד. 2. זיך פֿלײַסן ביז דער נייטיקער מדרגה. א, זיך צו פֿאַרענדיקן די אַרבעט צו דער צײַט.

אונטערפֿלייצן פֿלייץ אונטער, ~געפֿלייצט.

אוטוו — אונטערקומען מיט אַ סך וואַסער. דאָס וואַסער, דער שטראָם, דער טײַך פֿלייצן אונטער. טרוו — שוואַכער מאַכן, קאַליע מאַכן פֿון אונטן, אונטערגראָבן דורך אַן אָנפֿלייץ פֿון וואַסער. א, די ברעגן, די פֿונדאַמענטן פֿון די הײַזער. אויך פֿיג. „אַזאַ העצערײַ קען א, די יסודות פֿון אָנשטענדיקייט". ־עכ▯ן. ־עניש.

אונטערפֿליסן — אוטוו פֿליס אונטער, ה אָ בּ
.
& בּ י ן ~געפֿלאָסן. קומען צו פֿליסן
פֿלי.
סן פֿון אונטן פֿליסן אַרונטער. גראָבּ טיפֿער,
,
ווער א, וואַסער. „דײַן אויגן זאָלן זעהן דיא
פֿײַכטיקייט די דא טוט אונטר פֿליסן פֿון דײַן
נאָז לעכר„, שבֿט מוסר, פֿיורדא 1763.
אונטערפֿל◌ען — אוטוו פֿלי אונטער, בּ י ן
.
~געפֿלויגן [ה אָ בּ נאָר אין אַ צאָל לר]. 1
פֿלי.
ען צו ביסלעך, פּאַמעלעך. שווער א, מיט אַ
האַלבּ־צעקלאַפּטן פֿליגל. „יונגע גענדזלעך
צעפֿליִען זיך, אונטערפֿליִענדיק אַ ביסל מיט די
קליינע נאָך ניט באַפֿעדערטע פֿליגלעך„, ממוס,
ווינטשפֿ.
2. פֿליִען אַ טייל פֿון וועג. פֿאָרן מיט דער
באַן און אויך א'. 3. צופֿליִען אויף אַ
קורצער צײַט. א, קיין שיקאַגאָ און זיך
באַטייליקן אין אַ קאָנפֿערענץ. 4. קומען צו פֿליִען
בשתּיקה. עראָפּלאַנען פֿליִען אונטער און

באָמבאַרדירן. 5. צופֿליִען ראַפּטאָם, מיט אימפּעט. „זי איז אונטערגעפֿלויגן הינטער דעם הונט און האָט אים מיטן שנאָבל דערלאַנגט איבערן רוקן“, בילדער פֿון טהיער לעבן, ווילנע 1898.

6. אַקוזוו. צוויילן זיך און גיכער פֿאָרן (גיין, זיך באַוועגן בכלל). א, דאָס שטיקל וועג כּדי אָנצוקומען איידער עס פֿאַלט צו די נאַכט.

7. צוקומען, אונטערקומען ראַפּטאָם, מיט אימפּעט. „איידער מע טוט זיך אַ ריר פֿליט און,

טער דער גרעסטער פֿון אַלע צוקער־מעקלערס און כאַפּט אויס פֿון אונטער דער האַנט“, שע, מנחס־מענדל. *א, אונטער די הענט = א) פּלוצעם, אומגעריכט אָנקומען, ווען מע דאַרף דעם מענטשן; ב) אַרײַנקריגן אַ מציאה.

8. גרינג אָנקומען. אַ פֿאַרדינסטל איז אים אונטערגעפֿלויגן.

אונטערפֿלי, דער. ־עכץ ־עניש.

.

אונטערפֿליקן — טרוו. פֿליק אונטער, ~ געפֿליקט. 1. פֿליקן פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך. אַ גאַנצן טאָג אָרומלויפֿן באַקן לעקעך אין די רײַכע הײַזער און אין די אָוונטן א,

עופֿות. 2. צוהעלפֿן בײַם פֿליקן. „זי זאָל קומען א, די גענדז„, י. מעצקער, דעס זיידנס פֿעלדער. 3. אויספֿליקן אַ ביסל, ניט אינגאַנצן. א, גענדז = אויספֿליקן נאָר די ווייכע פֿעדערן פֿון לעבעדיקע גענדז, זיי האַלטן אין אַן ענגער שטײַג און זיי פֿאַשען, זיי זאָלן נעמען אויף זיך פֿעטס [מע האָט געהאַלטן אַז ווען אַ גאַנדז האָט אויף זיך ווייניק ווייכע פֿעדערן איז איר קאַלט, עסט זי מער.] 4. וואול. האָבן סעקסועלן פֿאַרקער. מע קען זי א'. מיט ז י ו — קזוו. זיך רײַסן, זיך קריגן.

־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אונטערפֿלירטעווען — אוטוו. ־טעווע אונטער, ~געפֿלירטעוועט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט פֿלירטעווען, קאָקעטירן. שפּילן אַ ליבע אויף אַ לײַכטן אופֿן, ניט גאַנץ ערנסט. א, מיט בחורים. א, מיט אַלע מיידלעך אין שטעטל. א, מיטן נײַעם געדאַנק.

אונטערפֿלעכטן — טרוו פֿלעכט אונטער, 1. א ביסל,

.

~געפֿלאָכטן (אויך: ~געפֿלעכט). —

ווי ניט איז צונויפֿנעמען, צונויפֿנעמען דורך

אונטערפֿעלשן

פֿלעכטן. א, צעפּלעך דעם מיידעלע. א, די
גזשיווע (גריווע) פֿון דעם פֿערד. 2 פֿלעכטן
.
פֿון אונטן פֿאַרריכטן דורך פֿלעכטן. א, דעם
.
דנאָ פֿון קאָרבֿ. 3. וואויליונגעריש.
אונטערדרייען. א, יענעם אַ ספּראַווע. ־עניש.
אונטערפֿלעמלען — אוטוו. ־מל אונטער,
~געפֿלעמלט. 1. דזוו אויפֿפֿלעמלען ←.
פֿלעמלען פֿון צײַט צו צײַט. „די אויגן פֿלעמלען
נאָך אונטער, ווען (אַז) ער דערמאָנט זיך די
אַמאָליקע זינד“, רייד. 2. צאַנקען. די ליכט
פֿלעמלען אונטער און לעשן זיך.
אונטערפֿלעק — דער, ־ן. געוויינלעך פּקפֿ
־ל. (שוסטערײַ) לאַטקע וואָס קומט פֿון אונטן.
לייגן אַ פּאָר א'לעך אויף די זוילן.
אונטערפֿלעקל — דאָס, ־עך. פֿלעקל וואָס
קומט פֿון אונטן. א'עך אַרום אַ יונג בײמעלע.
אונטערפֿלעקלען — טרוו. ־קל אונטער, ~
געפֿלעקלט. 1. (שוסטערײַ) אַ ביסל, דאָ און
דאָרט אַרײַנקלאַפּן פֿלעקלעך (הילצערנע אָדער
שטאָלענע שטיפֿטעלעך) אין די זוילן. ניט

אויספֿלעקלען, בלויז א, דעם קינדס שיכלעך.
2 פֿאַרשטאַרקן דורך אַרײַנקלאַפּן פֿלעקלעך
.
פֿון אונטן. א, דעם האַלב־צעבראָכענעם פּאַרקאַן.
־עניש.
אונטערפֿלעקן — טרוו פֿלעק אונטער, ~
גע.
פֿלעקט. 1. מאַכן אַ ביסל (לײַכטע) פֿלעקן.
א, דעם זשילעט בײַם עסן. 2. וואוילינגעריש.
אָנשלאָגן, אונטערשלאָגן, עס זאָלן בלײַבן
סימנים. א, ביידע אויגן.
און'טערפֿעברי'ל — אַדי. אַ ביסל
פֿיבעריש; וואָס איז אין צושטאַנד פֿון לײַכטן
פֿיבער פֿון זיי זײַנען געווען קראַנקע מיט א'ן
. „
צושטאַנד“, טאָז, וואַרשע 4 1929, No.
אונטערפֿעדלער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
(שטיקערײַ, קאָליש) אַרבעטער וואָס היט אָפּ
די פֿעדעם אין דער הינטער־זײַט פֿון דער
מאַשין.

-

אונטערסערעמען — טרוו. ־עם אונטער, ~

געפֿעדעמט. 1. אַ בּיסל, ווי ניט איז צונייען
מיט אַ פֿאָדעם פֿון אונטן. א, דעם ריס. 2. דזוו
אײַנפֿעדעמען, אַרײַנציִען אַ פֿאָדעם אין אַ
נאָדל. 3. בּמקום־ווערבּ פֿאַר עפּעס אָנהייבּן טאָן,
צוגעבּן חשק אָדער מוט צו טאָן (געוויינלעך
איז עס אײַנפֿעדעמען, נאָר בּײַ א, פֿאַראַן
בּײַטעם פֿון טאָן עס בּשתּיקה, אומדירעקט, מן
הצד). "לאָמיר זשע וויסן, ווער האָט
אונטערגעפֿעדעמט דעם גאַנצן עסק", רייד.
אונטערפֿעלן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. 1. אַ
בּיסל אָדער פֿון צײַט צו צײַט אויספֿעלן (←.).
עס פֿעלט מיר אונטער געלט צו קויפֿן דאָס
הויז. כּוחות פֿעלן מיר אונטער. „ס'וועט אים
א, פֿאָדעם אויף אָפּצוגעבּן דעם בּאַריכט„,
רייד. 2. ניט טרעפֿן. א, בּײַם שיסן. 3.
איבּערהופּן, איבּערהיפּערן. א, מיט די צאָלונגען.
א, אויף די לעקציעס.
אונטערפֿעלשן, פֿעלשעווען — טרוו.

□ ,
פֿעלש (־עווע) אונטער, ~געפֿעלש(עווע)ט. אויך:
פֿעלטשן. דזוו אונטערפֿאַלשעווען ←. „אויף

□

פּאַוויאַ־גאַס האָט עקסיסטירט אַ וואַלוטע־
פֿאַבּריק וואו מע האָט אַ בּיסעלע

אונטערגעאונטערפּעסיקן

פֿעלשט 'האַרטע, (גאָלד־דאָלאַרן) און ,חזירים,
(גילדענע רובלס)“, ע. רינגעלבלום, כּתבֿים פֿון
נעטאָ II. ,,און זיי האָט ניט אויסגעמאַכט ווי
אַזוי, אַפֿילו ווען מע דאַרף אַ ביסל א',,, בּצג,
טמז, 17 1964 XI. אונטערפֿעל(ט)שונג,
די.

אונטערפֿעסטיקן — טרוו. ־טיק אונטער,
~געפֿעסטיקט. 1. מאַכן עס זאָל ווערן
שטאַרקער פֿון אונטן. א אַ ביסל די פֿאַלנדיקע וואַנט
,
מיט שטיינער פֿון אונטן. 2. אַ ביסל
באַפֿעסטיקן, פֿאַרפֿעסטיקן. א, די פּאָזיציעס. א, די
אָרגאַניזאַציע מיט נײַע מיטגלידער. א, דעם
שטאַנדפּונקט מיט נאָך באַווײַזן ־ונג.
.

- -

אונטערסעסערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
גע**פֿ**ע**פֿ**ערט. 1. צוגעבּן, אַרײַנגעבּן אַ בּיסל
פֿעפֿער. א, די פֿיש. א, דאָס געקעכטס. 2. פֿיג.
מאַכן בּאַטעמטער, שאַרפֿער, לעבּעדיקער,
אינטערעסאַנטער. א, מיט אַ קלוגן זאָג, מיט אַ
גלײַכווערטל. „געשמועסט פֿון וועלטזאַכן,
אַרײַנגעבּראָקט אַלעמאָל אַ גלײַכווערטל,
אונטערגעפֿעפֿערט מיט אַ וויץ". ממוס, „בּישיבֿה של
מעלה'. *א, עמעצן, עס זאָל אים ווערן
בּיטער (אין נאָז, אין די אויגן).

-

אונטערסערקען — ־קע אונטער, ~
געפֿערקעט. אוטוו — (וועגן פֿערד) אונטערפֿרײַכן,
הירזשען פֿון צײַט צו צײַט. „דאָס פֿערדל
פֿערקעט שוין אונטער, לאָמיר זיך אָפּשטעלן". .
דז וועגן מענטשן, גראָבּ. טרוו — (וועגן
בּעליחיים) דריגען, שטויסן מיט אַ פֿוס. „דער שימל
קען אײַך א", רוקט זיך בּעסער אָפּ". דן
וועגן מענטשן, גראָבּ. א, מיט דער קני עמעצן
אין הינטן אַרײַן.

-

אונטערסראַנטעווען — אוטוו. ־טעווע
אונטער, ~געפֿראַנטעוועט. אָפּט מיט ז י ך. פֿון
צײַט צו צײַט זיך פּוצן ווי אַ פֿראַנט, זיך
פֿירן ווי אַ פֿראַנט. „אַ זעכצניאָריקער,
פֿראַנטעוועט ער שוין אונטער און האָט ליב צו
טאַנצן מיט מיידלעך“, רייד. „זײַן שוואַכקייט
צו שיינע קראַוואַטן, זײַן א'...„, ל. קויפֿמאַן,
פֿאָר, 20 I 1964.

□

אונטערסריזירן — טרןו. ־זיר אונטער, ~(גע)־
פֿריזירט פֿון צײַט צו צײַט, אַ ביסל פֿריזירן

.

די האָר. אַרויסגיין מיט אונטערפֿריזירטע האָר.
אויך מיט ז י ך. ־ונג.

-

אונטערסרייען זיך — אוטוו. פֿריי זיך
אונטער, זיך ~געפֿרייט. זיך פֿרייען אַ ביסל,
פֿון צײַט צו צײַט אָדער (אַזוי ווי) בשתיקה.
זיך א, ווי אַ חדר־ייִנגל, ווען דער רבי איז ניט

געזונט.

-

אונטערסרײַערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געפֿרײַערט. וואוויליונגעריש. פֿון צײַט צו צײַט אָפּנאַרן, אויסנאַרן. א, דעם יאָלו.

אונטערפֿריצעווען — טרוו. ־צעווע אונטער, ~געפֿריצעוועט. מאַכן אַ צווייטן פֿאַר אַ פֿריץ, אונטערנאַרן, אָפּנאַרן. א, די קליינשטעטלדיקע חיה.

אונטערפֿרירן — [אין לד אַרויסגערעדט: "פֿריִערן"] פֿריר אונטער, בּ י ן & ה אָ בּ ~ געפֿרוירן, לד ~געפֿראָרן. אוטוו — 1. אַ ביסל אָדער צו ביסלעך לײַדן פֿוו קעלט. ניטאָ קיין

האָלץ, פֿרירט מען אונטער. אַרויסגיין אין גאַס אין לײַכטן מאַנטל און א'. „איך בּין צען בּײַנאַכט געשטאַנען אויף דעם שולהויף, גוט אונטערגעפֿראָרן," אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. 2. אָנהייבּן פֿאַרפֿרוירן ווערן. „דער טײַך פֿרירט שוין אונטער. אינגיכן וועט ער זיך שטעלן". טרוו — אײַנפֿרירן. דזוו

אויספֿירן (טרוו) אַ ביסל אָדער פֿון אונטן. א, פֿישגליוּוער. א, דרעליעס. א, די סובוּוענץ.

-

אונטערסרישן — טרוו. פֿריש אונטער, ~ געפֿרישט. 1. מאַכן עפּעס אַ ביסל פֿרישער. אָנוואַרעמען און א, די אַלטגעבאַקענע חלה. 2. מאַכן עס זאָל אויסזען אַ ביסל פֿרישער, ווינציקער אָפּגעניצט; אַ ביסל באַנייען. א, דאָס פּנים מיט פּודער און שמינקע. א, די הלבשה. אויספּרעסן און א, דעם גאַרניטער. ,,פֿאַלט אַרײַן אַ קערבל, גייט עס אַוועק אויף סחורה אײַנקויפֿן, די קראָם א',,, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. 3. אונטערמונטערן, אַרײַנגעבן פֿרישקייט. אָפּפֿרישן. אונטערקוויקן. א, מיט אַ קאַלטן טרונק. א, די כּוחות. א, דעם אַמט, אים באַפֿרײַען פֿון ביוראָקראַטישן גײַסט.

מיט ז י ד — 1. רעפֿל. 2. אוטוו. ווערן אַ ביסל פֿרישער. ,,די זון האָט אָנגעבראָטן דורכן טאָג...עס וואָלט שוין געמעגט א, אַ ביסל אויף דעד שיינער דאַטשע“, שע, זומערלעבן. -ונג. -עכץ.

-

אונטערסרעגן — טרוו. פֿרעג אונטער, ~
געפֿרעגט. 1. פֿרעגן צו בּיסלעך; פֿרעגן נאָר
וועגן אַ טייל אָדער מיט אַ סדר. דזוו
אויספֿרעגן (←) אין אַלע בּבֿ. „דערנאָך האָט דער
מלך פֿון די כּוזרים איין נוצרי צו זיך גרופֿן
און, האָט אים אונטר פֿראגט אויף זײַן גלאבּן“,
שאַר. 2. פֿרעגן אַזוי ווי צופֿעליק, מן הצו.
אַרײַנרוקן אַ פֿראַגע. „בײַם אויספֿרעגן וועגן
מײַן אַרבּעט, האָט מען מיך אומגעריכט
אונטערגעפֿרעגט, צי איך קען...„, רייד. ־עכץ.
־עניש.

-

אונטערסרעסן — טרוו. פֿרעס אונטער, ~
געפֿרעסן. 1. עסן אַ סך, אַרײַנעסן פֿון צײַט צו
צײַט, בּשתּיקה. א, אַז קיינער זעט ניט. 2. (אויס,
צע)פֿרעסן (צעלעכערן) פֿון אונטן, צו בּיסלעך.
דער ראָסט האָט אונטערגעפֿרעסן די אײַזערנע
סלופּעס.
אונטערצאָל — די, ־ן. די קלענסטע צאָל
אין אַ ריי צאָלן. די א, אין דער אַריטמעטישער
פּראָגרעסיע.
אונטערצאָלן — טרוו. צאָל אונטער, ~

געצאָלט. 1. צאָלן ווינציקער ווי עס קומט. א,
די אַרבעטער מיט אַ צו נידעריקן לוין. 2.
אָפּנאַרן בײַם צאָלן. ניט דערצאָלן. א, דעם
קאַסיר. א, דעם קונד בײַם אַרויסגעבן רעשטע.
אונטערצאַמען — טרוו. צאַם אונטער, ~
געצאַמט. פּפּ: ~צוימען. אָפּגרענעצן, מאַכן
אַ מחיצה פֿון אונטן, ווי ניט איז. א, דאָס
גערטנדל פֿאַר דעם שכנס הינער. ־ונג.
־עניש.
אונטערצאָן — דער, ~ציין, ~ציינער. צאָן
פֿון דער אונטערשטער רײ ציין (אין היפּוך
צו אייבערצאָן). מע האָט מיר אַרויסגעצויגן
אַן א'.

אונטערצדיק

אונטערצאַנקען — אוטוו. צאַנק אונטער, ~
געצאַנקט. 1. (ווענן פֿײַער, ליכט) צו ביסלעך
ווערן שוואַכער; דערברענען, האַלטן בײַם
אויסלעשן זיך. די שׂריפֿה האַלט שוין אין א..
„אַז די גאַז־באַלײַכטונג אין הויז פֿלעגט נעמען
א, איז עס געווען אַ סימן אַז ס'איז צײַט
אַרײַנצוּוואַרפֿן אַ נײַעם קוואָדער [= 25 סענט]
אין שפּעלטל פֿונעם מיטער [= מעסטע□]"

פֿאָר, 2 .25 XI 1963. האַלטן בײַם אויסגיין. דער אָנגרייט צאַנקט שוין אונטער. 3. צו בּיסלעך ווערן אַלץ שוואַכער אין געזונט, האַלטן בײַם אויסגיין פֿון די לעבּנס־כּוחות. א, און זיך קוים האַלטן אויף די פֿיס. ־ונג. ־עניש.

אונטערצאַפּלען (זיך) — אוטוו. ־פּל (זיך) אונטער, (זיך) ~געצאַפּלט. צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן ציטערן פֿלאַטערן, זיך טרייסלען

,

(מחמת מורא, שטאַרקן בּאַגער, אין קאָנוואולסיעס, אין ווייטיקן אע). א, פֿון גרויס אויפֿרעגונג. א, (זיך) פֿאַרן פּריצעס קוק. א, ווי אַ ניט־דערקוילעטער האָן, ווי אַ פֿיש. ליגן אויף דער ערד און א, מיטן גאַנצן גוף. ־עניש.

אונטערצאַפּן — טרוו. צאַפּ אונטער, ~ געצאַפּט. 1. מאַכן רינען פֿון אַן אויפֿגעדרייטן קראַן צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן אָדער בּשתּיקה. אונטערשטעלן אַ גלאָז און א, קאַלט וואַסער פֿון גרויסן בּוטל. א, פֿון אָנטל ווײַן אין קעלער און אַרומגיין פֿאַרלעקט. 2. צו בּיסלעך אַרויסקריגן (מיט שאַנטאַזש, שווינדל). א, פֿונעם גבֿיר לאַ־יחרץ־געלט. דער שטאָט־מסור האַלט אין איין א, קהל. א, נײַס פֿון אַ דינסט. ־עניש.

אונטערצאַצקעווען, ~צאַצקע(נע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אונטער, ~געצאַצקע(ווע)ט. 1. דזוו אונטערצירן, נאָר מיט בײַטעם פֿון ניטאָפּשאַצן. צאַצקען פֿון אונטן. ← אויסצאַצקען, בב 3־4. א אַ פּאָליצע מיט שניצערײַען, מיט גע,
קאַרבט פּאַפּיר אאַזוו. 2. טאָן עפּעס פּאַמעלעך, מיט דעם ווילן צו מאַכן וואָס שענער. א, די כתיבֿה און אַרויסבּרענגען פּערלדיקע אותיות. אויך מיט ז י ך. ־קעניש.

אונטערצאַקן — טרוו. צאַק אונטער, ~ געצאַקט. אויסשנײַדן, אײַנשנײַדן פֿון אונטן, צאַקן אַזוי ווי מיט ציינדלעך. א, די קאָלירטע פּאַפּירענע סטענגע. ־עניש.

אונטערצבֿו(י)אַקעווען, ~צבֿועטשען — אוטוו. ־קעווע, ־טשע אונטער; ~געצבֿו(י)אַקעוועט, ~געצבֿועטשעט. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך אַרויסווײַזן היפּאָקריטסטווע, פֿאַלשקייט, צבֿיעות. א, און ווערן אַ גבּאי. א, מיט פֿרומע ריידעלעך.

אונטערצד — [...צאַד] דער, ־דים [...צדאָדים]. שוואַכערער צד (אין אַ סכסוך פֿאַרן געריכט, אין משפּחהדיקע און געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען). זײַן יושרדיק צום א'. אויסהערן דעם

א'. „מיר זײַנען טאַקע פֿון חתנס צד, אָבער אַן א, אויף דער רײַכער חתונה“, רייד.

אונטערצדיק — [...צאַדיק] דער, ־ים. וונ נבֿ. איר. 1. דעם חסידישן רבינס, דעם צדיקס גבאי אָדער משמש. 2. ניט־וויכטיקער, ניטחשובֿער צדיק. כמו־צדיק. דערזען אַז...איז בלויז אַן א'.

אונטערצוג־הויזן

אונטערצוג־הויזן — די. במ. אונגײַ. הויזן וואָס מע ציט זיי צונויף בײַ די קני אָדער נידעריקער מיט אַ שנירל, גומי. „הגידה האשה ...שהיה לבֿוש בבלויען שאַל, באָ־ה,...רעקל... וגם הכיר העד השטיוועל שלו...,,, הרבֿ אַבֿרהם שמואל בנימין סופֿר, שו“ת כתבֿ סופֿר, פּרעסבורג 1888.

אונטערצוויטערן, ~צוויטשע(ר)ן — אוטון. ־ער, ־טשע(ׂ) אונטער, ~געצוויטערט, ־טשע(ר)ט. (וועגן פֿייגל) פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעבן קלאַנגען ענלעכע צו צווי־צווי. א, ווי שוועלבעלעך.

אונטער צוויי — אַדוו פֿראַזע. אויך: א, צווייען. בלויז צווישן צוויי. „איין סוד הייסט

א, צ', אבּר אונטר דרײַא איז קיין (סוד) מעהר,,,
ספֿר מ חר הפּנינים, הומבּורג תּצ"ט.
אונטערצווײַג — די, ־ן. אונטערשטע צווײַג
פֿון בּוים. אַרויפֿקלעטערן אויף דער א, און
זיך אַוועקזעצן אויף איר.
אונטערצווינגען — טרוו. צווינג אונטער, ~
געצוואונגען. 1. פֿון צײַט צו צײַט צווינגען.
א, די פּועלים גיכער צו אַרבּעטן. 2. צו
בּיסלעך, אויף אַ לײַכטן אופֿן נייטן עמעצן צו
טאָן עפּעס, צו פֿאָלגן. א, די תּלמידים מיט
אַ שמייכל אויף די ליפּן. ־עכץ. ־עניש.
אונטערצוויקלען — טרוו. ־קל אונטער, ~
געצוויקלט. אַ בּיסל, ווי ניט איז אויספּוצן,
בּאַפּוצן מיט צאַצקעס. א אַ פֿלאָדן, אַ קוכן,
,
אַ טאָרט. א אַ דאַמענהוט.
,
אונטערצוימען — טרוו. צוים אונטער, ~
געצוימט. 1. דזוו אונטערצאַמען. א, דעם
וואַסערפֿאַל מיט אַ דאַמבּע. 2. צו בּיסלעך
אײַנצוימען, אײַנהאַלטן, האַמעווען. א, דאָס יונגע
פֿערדל. א, די לאָבּוזעס. ־ונג. ־עניש.
אונטערצונג — די, ־ען. טייל פֿון מויל,

שטח אין מויל וואָס איז אונטער דער צונג.
אַ געשווירל אין א'. א'־צ'־ג י ל (ד ר י ז) —
קליינע דריז אונטער דער צונג, בײַ ט. בערלן,
מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. ־יק — אַדי. א'ע
דריזן.
אונטערצופּן — טרוו. צופּ אונטער, ~
געצופּט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
צופּן, פֿליקן, שלעפּן, רײַסן. א, (זיך) דאָס
צעשויבערטע בערדל. 2. צופּן פֿון אונטן. א,
די צויטן פֿון דער קאַפּאָטע. מיט ז י ך — אויך
קזוו. זיך אַרומרײַסן. אוטוו — פֿילן ווי עפּעס
פּולסירט. אַן אָדער (אַן אויג) צופּט אונטער.
־עניש.
אונטערצוקערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געצוקערט. צוגעבן, צומישן אַ ביסל צוקער.
א, די אײַנגעשטעלטע יאַג(ע)דעס. א, דעם
צימעס. א, די באַגריסונג.
אונטערצי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון
אונטערציִען. "גיב אַ שטאַרקערן א, — מע זאָל
ניט זען דאָס אונטערקליידל". 2. אונטערשטע
שורה, לעצטער סך־הכּל, (לאָגישער) אויספֿיר.
מאַכן דעם א'. ברענגען, דערפֿירן צום א'. „נאָך
האָב איך ניט געבראַכט דעם לעצטן א'„, ב.
לאַפּין, פֿולער קרוג. „אונדזער א, איז אַז דער

חינודקאָנגרעס האָט זיך אויסגעלאָזט ערגער
ווי מיר האָבן דערוואַרט“, י. גאָראָדיסקי, דאָס

771

פֿרײַע וואָרט, ב.,א, סעפּט, 1957 פֿירן אַרויף
. „
אויף איין א',„ מ. שענדעריי, היימיש, אַפּריל
1959. „זיי קענען מאַכן אַן א, פֿון דעם וואָס
זיי האָבן געלערנט,„ ש. ביקל, טמז, 10 ׳ 1964 II.
־אונג — פּראָצעס און רעזולטאַט פֿון
אונטערציִען ←, דזוו אונטערצי.
אונטערצ(י)אָקען — אוטוו. ־קע אונטער,
~געצ(׳)אָקעט. ציאָקען צו ביסלעך, פֿון צײַט
צו צײַט. אַרויסברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו)
ציאָ־ציאָ ווי אַ צורוף אונטערצומונטערן פֿערד אין
געשפּאַן. „ס'האָבן געסקריפּעט די דאַרע
רעדער...און דער בעל־עגלה האָט
אונטערגעציאָקעט צו זײַנע צוויי אויסגעסעכטע פֿערד„,
פּמ, איינס אןןI איינס.
אונטערציטערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~
געציטערט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט,
אָן וועלן, באַוועגן מיט אַ גליד, מיטן גאַנצן
קערפּער (ווי אַ רעפֿלעקס). א, ווי אַ פֿיש אין

וואַסער. „און בײַ אײנער פֿון די צוויי
שוועסטער האָט אָנגעהויבן א, די אונטערשטע ליפּ“,
שע, ,דער ייִנגסטער פֿון די מלכים,. „האָט
זיך געריבן די הענט און אונטערגעציטערט
פֿון קעלט„, חג, טמז, 2 1963 X. „דאָס קליינע
גופֿל אירס האָט נאָך איצטער
אונטערגעציטערט„, אפֿא, טמז, 2 .28 1964 IX.
וויברירן.
סטרונעס ציטערן אונטער. די שטים ציטערט
אונטער בעתן זינגען.
3. דזוו אויפֿציטערן ←. א, פֿון אויפֿרעגונג.
א, פֿאַר שטראָף. 4. פֿון צײַט צו צײַט מורא
האָבן. א, פֿאַרן טאַטן, פֿאַרן רבין.
אונטערציטער, דער. ־ונג. ־ניש.
אונטערצײַג — דאָס (די פֿון מצ אין לד, ווי
געוויינלעך בײַ שטאָפֿנעמען). 1. שטאָף וואָס
ווערט אָנגענייט פֿון אונטן, אויף דער לינקער
זײַט. אונטערשלאַק. אַ מאַנטל מיט
פֿלאַנעלענעם א'. 2. אונטערוועש, לײַבוועש. ווײַסצײַג.
זײַדן א'.
אונטערצײַגן — טרוו. צײַג אונטער, ~
געצײַגט. פּר. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
אָנווײַזן, אָנטײַטן. א, דעם וועג. 2.
אונטערהעלפֿן, אונטערלערנען. א, דעם שילער בײַ זײַן

היימאַרבעט. א, דעם לערן־ייִנגל ווי אומצוגיין מיטן פּרעסל.

אונטערצייכענונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿוו אונטערצייכענען. 2. אין שפּאַניש־אידישן ווב, ב״א 1931, דזוו סובסקריפּציע, אַבאָנעמענט.

אונטערצייכענען — טרוו. צייכן אונטער, ~געצייכנט. 1. אַרכ. איצט דטשמ. אונטערשרײַבן, אונטערחתמענען; גאַראַנטירן מיט חתימה אַ התחייבֿות, דעם תּוכן פֿון אַ דאָקומענט אע. „אַלי שטרות וקניינים דיא גשריבין ווערין זאָלין אונטר צייכנט ווערין מן שני נאמנים און, דיא בעלי דבֿרים מוזין ג״כ אונטר צייכנין״, אורדינאַציא מן כל הש◌ורות וכתבֿים..., אַמשט 1731. „דר איז גוואונט גוועזן אום פֿיל בריבֿן צו אונטר צייכנן מיט זײַן האַנד„, שאַר, כב/ב. „אַקסעפּטאַנט, דר יעניגי וועלכר וועקזל בריבֿן אַן נעמט און, אונטר צייכנט„, יו◌ף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. „דעמאָלט האָבן עטלעכע ניו־יאָרקער ייִדישע שרײַבער זיך

אונטערצינדן

אונטערגעצייכנט אויף דעם דערקלערונגס־בריוו״,

מך I, נ"י 1910.

2. אַרויסהייבן וויכטיקייט, אונטערשטרײַכן. ,,איך האָב מיך באַשלאָסן צו זײַן יובילעאום אונטערצוצייכענען די אונטערשטע שורה צו זײַן גאַנצער אַרבעט,,, קאַמף און קעמפֿער, זב, לאָנדאָן 1904. 3. צייכענען צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, מיט אַ בלײַער (אַ פּעו) בלעטעלעך און בלימעלעך. 4. אָנשרײַבן פֿון אַ זײַט אָדער פֿון אונטן. א, די פּרײַזן אויף אַלע אַרטיקלען. 5. צייכענען פֿון אונטן. ,,דאָס אייניקל האָט אָנגעשריבן נאָר עטלעכע ווערטער, אָבער אונטערגעצייכנט אַ הויז מיטביימער אַרום,, ־עניש. ־ער.

.

אונטערצײַנדלען — טרוו. ־דל אונטער, ~ געצײַנדלט. אויסשנײַדן, אויסשלײַפֿן צײַנדלעך פֿון אונטן. א, אַ בלעך. א, פּאַפּיר פֿאַר דער פּאָליצע.

אונטערציך — די, ־ן. אונטערשטע ציך וואָס אין איר געפֿינען זיך די פֿעדערן אָדער אַן אָנדער ווייכער מאַטעריאַל. אַן אַלטע א, וואָס לאָזט דורך פֿעדערלעך.

אונטערצימבלען — טרוו. ־בל אונטער, ~ געצימבלט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט שפּילן שלעכט אויף אַ צימבל, אַ קלאַפּ־ אָדער

אַ סטרונע־אינסטרומענט. א, ווי אַ פּאַרטאַטש אַ פֿידל־קראַצער. 2. צוצימבלען, צושפּילן. חבֿרה זינגען און איינער צימבלט אונטער. א, ווען די קינדער מאַרשירן. 3. אַ ביסל שמײַסן, שלאָגן. א, אין זײַט־מיר־מוחל. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערצינדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערצינדן. „זיך מודה געווען אין דער א„„ פּאָר, 13 X 1962.

אונטערצינדן — טרוו. צינד אונטער, ~ געצונדן. 1. מאַכן אַ פֿײַער (פֿון אונטן). צעפֿירן אַ פֿײַער. א, דאָס האָלץ (די קינעלעך, שטרוי, קוילן אע). א, פּאַפּיר. א, דאָס מיסט. „ער זאַך בחלום: איינר דער קלויבט אויף דערניר אויף זײַן אַקסיל אונ, צווייא ממונים פֿון גיהנם האבין אויף אים אונטר גיצונדין דיא דערניר“, נצ1, מו/א. „שטעל דיר פֿאָר אַ קליין מאַשינקעלע מיט הענטלעך, עס זאָל קענען ...אַליין אַרײַנלייגן דאָס האָלץ, א', איבערשאַרן„„ וו. און ס., איבז, די מעסtה פֿון דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869.

2. דזוו ב1 — מעט. א, דעם אויוון, די רובע, די פּליטע אע. א, די ל(י)ולקע, די פּיפּקע.

. ב .

3. מאַכן עס זאָל ברענען מיט אַ קליין פֿײַערל.
,,דער אַנדערער מיט זײַן פֿײַער געצײַג שלאָגט
אויס פֿײַער און צינדט אונטער דעם טאַבעק
אין דער לולקע,,, ממוס, שלמה.
4. אַוועקלייגן ברענענדיקס, אונטערלייגן פֿײַער
בשתּיקה. מאַכן אַ שׂריפֿה. באַגיסן מיט נאַפֿט
און א'. א, די כאַטע מיט דער גאַנצער כודאָבע.
,,א, דאָס הויז כּדי פּטור צו ווערן פֿון די
וואַנצן,, פֿוול = זיך אַליין אָנמאַכן צרות, אַ
,
גרויסן שאָדן, כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון עפּעס
וואָס שטערט. ,,איך צינד דעם בוים מיט דײַן
נעסט אונטער, איר זאָלט אַלע פֿאַרברענט
ווערן אויף צונטער,,, עט, משלים. ,,איך וועל

אונטערצינדן זיך

פֿאַר געלט אונטערשטעלן פֿאַלשע עדות אַז ער,
בנימין, האָט דאָס אונטערגעצונדן,,, א. מרגליות,
געפֿונענע עלטערן, וואַרשע 1894. ,,נו, טאָרן
מיר ייִדן שוין דאָס גאָרניט האָבן עטלעכע
הולטײַעס? זאָל מען דאָס גרויסע שיינע הויז
א'", יהל, די קאָלאַניסטן II, וואַרשע 1899. ,,ער
האָט געשוואוירן נקמה צו נעמען. ער וועט

זיי אָנלערנען, א, איינס באיינס, אַוועקלאָזן ס'גאַנצע דאָרף מיט פֿײַער,,, אָפּאַ, 'לינטשערײַ'.
*א, די באָד = (שפּאַסיק, איר) אָנמאַכן אַ טומל, אַ סומאַטאָכע (איבער אַ נישטיקער סיבה). ,,און אַז איך האָב עס שוין געזאָגט — איז וואָס? דאַרף מען א, די באָד,,, רייד. "אַז דער דאָקטאָר האָט געזאָגט לופֿט...און איך קען דאָך מײַן ווײַב, אַז טאָמער זאָג איך חלילה נישט פֿאָרן, אַזוי צינד איו אונטער דאָס באָד", יוסף גראַב'ס גש, ווין 1919. *א, דעם הימל = איר וועגן אויפֿטאָן אַ סך.

5. דזוו ב4 — מעט. א, דעם גבֿיר. א, דעם קאָנקורענט. ,,צינדט מען אַזוי אַ בחור גאָר אונטער, איז אַן עק מיט אים און מיט זײַן בוך,,, יפּ. ,,דער דיין זאָל זיך ניט פֿאָרכטן פֿאַר קיין שום בעל־דין, אַפֿילו פֿאַר אַן עושר, אָדער פֿאַר אַ תּקיף, אָדער אַפֿילו ער זאָל אים ווען א',,, לט2.

6. דזוו ב4 פֿיג. א אַ מלחמה. א, די

זון. "דאָס איז אַ געבײַדע פֿון פֿיל מנהגים...די געבײַדע גייט צו גרונט דורך דעם שרעקלעכן פֿײַער וואָס די פֿרײַדענקערס האָבן אונטערגעצונדן", ש. הויכבוים, אַ יוד, אַדעס 1869. ,,אין

יאָר ווען היטלער האָט אונטערגעצונדן די וועלט“, פֿאָר, 20 IX 1964.

. אויפֿרודערן, אויפֿהעצן, אַרויסרופֿן כּעס, פֿאַרבּיטערוגג, שׂנאה. אויפֿוועקן אַ תּאווה. א, אין עמעצן אַ פֿײַער. א, דעם צאָרן. א, אַ מחלוקת אין שטעטל. א, אַ נײַעם קאַמף צווישן פּאַרטייען. „דעם אַלטן חסיד דעם בּלינדן האָט די מעשׂה גאָר אונטערגעצונדן“, טעיאַטאָר. „זייערע רייד האָבּן אים אונטערגעצונדן“, וואַרשויער יודישע צײַטונג, 35 1867, No. ”וועסט .ט דאַרפֿן א,...האַס אין די אויגן ווי דײַנע בּלוי,,, מלה, 'די בּאַלאַדע פֿון ווינטער,.

8. האַלטן אין שפּאַנונג. בּאַגײַסטערן, עלעקטריזירן. א, דעם עולם מיט גײַסטרײַכע רייד, מיט הויכער קינסטלערישקייט.

9. מאַכן עס זאָל ווערן אויס, עס זאָל פֿאַרגיין, אַזוי ווי אַ פֿײַער וואָלט עס פֿאַרבּרענט. א אַלטע פֿירוגגען. א, די איצטיקע אָרדענונג.

,

„זיי צינדן אונטער דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג וואָס האָט דורכגערוישט און וואַרטן רואיק אויף דעם...קומענדיקן טאָג,,, דא, פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאָ.

אונטערצינדן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.

„דער בודיסט האָט זיך אונטערגעצונדן צו
פּראָטעסטירן קעגן דער רעגירונג“. 2. אויטוו.
ווערן שטאַרק אין כּעס. אַרײַן אין צאָרן, אין
גרויס אויפֿרעגונג. זיך א, און זיך וואַרפֿן
שלאָגן. 3. אָנהייבן גלאַנצן, שײַנען (אַזוי ווי
מיט אַ פֿײַער) פֿון אַ שטאַרק געפֿיל. „דײַנע
אויגן האָבן זיך אונטערגעצונדן„„ פּרץ.
אונטערצינד, דער. ־ונג. ־עכץ.
־עניש.

7'.

אונטערצינדער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס צינדט אונטער, ספּעצ ווער עס לייגט
אונטער אַ פֿײַער צו מאַכן אַ שׂריפֿה.
אינטריגאַנט וואָס רופֿט אַרויס מחלוקת, מלחמה אע.
„ווילסט זײַן אַ מערדער, אַן א', זײַ דיר, קינד
מײַנס“, מלה, די גאָלדענע פּאַווע. „פֿון אַ
ווײַטן טרוים פֿאַרבלענדט, ווי אַן א, אין די
שאָטנס פֿון די ווענט, שאָרך איך זיך מיט
שטילע טריט“, מל, 'דורך געוויין פֿון קינדער'.
„א'ס און גנבֿים האָט זײַן אייגנס יעדער
געגנט„„ פּ, וואָלין. „די באַשולדיקונג — אַז
ייִדן האָבן געקרייציקט דעם אותו איש —

איז אַ שטענדיקע א'ין פֿון אַנטיסעמיטיזם“,
לע, טמז, 20 4 􀀀 19) IX.
אונטערצינדעריש — אַדי. 1. וואָס צינדט
(זיך) גרינג אונטער. „דער זאַל איז געווען
פֿול מיט א'ן פֿלאַם“, אפֿא, טמז, 4 1964 IX.
2. וואָס איז אין דער טבֿע, איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אונטערצינדער. א'ע רייד. א'ע
כעמיקאַליען. ־קייט.
אונטערצינען — טרוו. צין אונטע􀀀 ~
געצינט. באַדעקן פֿון אונטן מיט צין. א, די
קופּערנע קוואָרט.
אונטערצ􀀀ען — טרוו. צי אונטער, ~געצויגן.
1. מאַכן אַ שטריך פֿון אונטן, [געוויינלעך
אונטער אַ רעכענונג, דערפֿון] אַרויסברענגען דעם
סך־הכּל. א, אַ חשבון. א, דעם (אַ) סך־הכּל.
„צוזאַמענגעשטעלט [די ציפֿערן] ריכטיק...און
אונטערגעצויגן אַ שטריך, און אָנגעפֿאַנגען
צוזאַמענצוציִען פֿון די קאָפּייקן„, מלאכת מחשבֿת,
ווילנע 1874. „איצט וועלן מיר אונטערציִען אַ
סך־הכּל — דעם אינווענטאַר„, ד. מאָרדפֿין,
די לערע פֿון לעבן, בערלין 1898. „און
אונטערציִענדיק דעם חשבון גענוי, פֿלעגט ער
אַרויסזיפֿצן בשתיקה: 'מע וועט מוזן צולייגן ווידער

אַ צוויי גילדן'“, אַר, 'דער ווײַטער יאַריד'. „ווי
אַזוי היסטאָרישע סך־הכּלען ווערן
אונטערגעצויגן ווייס איך ניט“, אפֿא, טמז, 1965 III 11.
2. מאַכן יעדער מין שטריך פֿון אונטן. *א,
די אויגן = מיט אַ ספּעציעלן בלײַער
אונטערשמירן. 3. אויסדריקן אַן אויספֿיר פֿון
נאָכטראַכטן. אַרויסבּרענגען לאָגישע מסקנא פֿון
אַ צאָל מחשבֿות, אָפּגעטאָנענע מעשׂים. א אַ

,

סך־הכּל פֿון דער איצטיקער לאַגע, פֿון דער
גאַנצער פֿאָרשונג, פֿון אַן אידייען־גאַנג אע.
אַזוי אויך: א, די אונטערשטע שורה (←). „לאָ
מיר איצט אין אַ קאָנצענטרירטער פֿאָרעם א,
די לעצטע שורה אונטער אַלעם דעם וואָס
מיר האָבן ביז איצט געשריבן„, ש. צ. זעצעף,
...דיני ממונות און דיני נפֿשות, נ„י 1934.
„און עס ווילט זיך אויפֿרעכענען אויך
אונדזער גבֿורה...און א, אַן אָפֿענע, אַ קלאָרע שורה„,
הל, 'אַ בּריוו פֿון אַמעריקע'. “אין דער
געשיכטע פֿון יעדער קולטור קומט אַ מאָמענט
פֿון זאַמלונג און פֿון פֿאַרענדיקונג פֿון א,

,

סך־הכּלס“, קאָר I. „צו וואָס בּכלל, פֿרעגט
ער, אַרויסציִען אַלגעמיינע מסקנות פֿון די

ווערק פֿון פּאָעט? צו וואָס א, סך־הכּלען?‟,
שנ, קריטיק און קריטיקער.

4. ציִען אויף אַראָפּ. אַראָפּציִען. א, דעם
בּרעג פֿון בּגד בּײַם אָנפּאַסן.

5. ציִען פֿון אונטן, עס זאָל ווערן פֿעסטער,

אונטערצירן

ענגער, שטײַפֿער אײַנציִען. „איך צי אונטער
די בּויך־רימענס פֿון מײַן פֿערדס זאָטל, זעץ
זיך רײַטנדיק‟, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע II, אַדעס 1932. „אָנגעשמירט די
רעדער מיט דזעגעכץ און גוט אונטערגעצויגן
די הײַקעס, אַז עס זאָל זיך גאָרניט בּאָמבּלען‟,
נ. לוריע, סאָוו, היימלאַנד, 6 .2 1961' No.

דורכצ￼ען פֿון אונטן. א, די דראָטן אונטערן קעלער.
א, קאַבּלען.

7. צופֿירן נעענטער, צוציִען. „מיר גרייטן
זיך צו אַן אָנגריף. עס זײַנען אונטערגעצויגן
געוואָרן זעקס קאָרפּוסן מיליטער‟, ש.
בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס l932.
„האָבּן אַהער אונטערגעצויגן זייער אַרטילעריע
און שיסן אָן אויפֿהער„, מ. לעוו, סאָוו,
היימלאַנד, 8 .3 1961, No. אַרויפֿציִען, אַרויפֿהייבּן.

,,א, די הינטערשטעליקע צום ניוואָ פֿון די פֿאָרגעשריטענע,,, ביראָבידזשאַנער שטערן, 7 1961 I. [בײַ די בב 5־7 די השפּעה פֿון רוסישן ווערב .rh I[ז .no.]
9. אַ ביסל אָנציִען. א, דעם וואַנטזייגער. א, די סטרונעס.
1O. גוטמוטיק שטויסן עמעצן עפּעס צו זאָגן אַ צווייטן, עפּעס צו טאָן. אָפּלאַכן, אָנציִען. א, דעם שוטה בן פּיקהאָלץ, עס זאָל זײַן פֿון וואָס צו לאַכן. ,,קאָך זיך ניט, חבֿרה האָבן דיך נאָר אונטערגעצויגן,,, רייד.
11. (גאַרבערײַ) אויסציִען און אויסרײַבן די לעדער, אויספּראַווען, קנייטשנדיק בלויז די צווייטע, די לינקע זײַט. אויך: ווייך מאַכן די לעדער, קײַקלען די לינקע זײַט.
12. דורכפֿירן מיט אַ שטאָל, מיט אַ שאַרפֿשטיין איבער דער שאַרף. א, די קאָסע. א, דאָס גאָלמעסער.
אונטערצ ען זיך — ← דפֿוו. רעפֿל —
1. זיך אויסציִען, אויסשטרעקן די גלידער. א, זיך נאָכן שלאָ]ף. א, זיד און גרייכן צו דער העכסטער פּאָליצע. 2. איבערשטאַרקן מידקייט, זיך נעמען אין די הענט אַרײַן.

אונטערגאַרטלען זיך. א, זיך און פֿאַרטיק מאַכן די
אַרבעט צו דער צײַט. „קיין געלט פֿאַר אַזעלכע
געשעפֿטן נעם איך נישט — נאָר אַז איר קענט
מיר, רבי־לעב, געבן אַ קוויטל איך זאָל האָבן
אײַער עולם־הבא וועל איך מיך א, די זאַך
אויסצופֿירן", ספֿר שבֿחי רמ"ל, לעמבערג [יאָר?].
אוטוו — 1. צוקומען, אונטערקומען (וועגן
אַ גרופּע) ביסלעכווײַז. „אײַך וועט אַ סך טעג
אויסקומען צו פֿאַרהאַלטן זיך? פֿרעג איך אים.
— ביז די דריטע וואַכטע וועט זיך א'", ע.
האָלדעס, סאָוו, היימלאַנד, 2 .1 1962, No. בײַם
גיין, מאַרשירן זיך אויסגלײַכן מיט די
אַנדערע.
־עכ־ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערציקלען — טרוו. ־קל אונטער, ~
געציקלט. 1. דזןו אונטערצאַצקען (←). 2.
אונטערזינגען צעצויגן, מיט דריידלעך, מיט אַ
קאָלאָראַטור שטים. א, אַ לידעלע בײַ דער
אַרבעט. אויך מיט ז י ך — אוטוו. א, זיך
ווי אַ חזן פֿאַר ימים נוראים.
אונטערצירן — טרוו. ציר אונטער, ~געצירט.
1. אַ ביסל אָדער צו ביסלעך אויסצירן,

פּוצן. א, דעם זאַל פֿאַר דער אונטערנעמונג,
פֿאַרן יום־טובֿ. 2. אויסצירן פֿון אונטן. א,
דעם פּאָדיום. ־עכץ. ־עניש.
אונטערצירעווען — טרוו. ־רעווע אונטער,
~געצירעוועט. פֿון צײַט צו צײַט צירעווען,
פֿאַרריכטן מיט אַ נאָדל און פֿאָדעם.
פֿאַרצירעווען פֿון אונטן. זיך פֿאַרנעמען מיט א, זאָקן.
פֿיג. א אַ צוזאַמענלעבן וואָס רײַסט זיך.

אונטערצירקלען — טרוו. ־קל אונטער, ~
געצירקלט. מאַכן אַ קײַלעך, אַ קרײַז מיט אַ
צירקל, אָנצייכענען אַ קײַלעכדיקע פֿיגור (פֿון
אונטן). א, איין טייל פֿון דיִאַגראַם.
אונטערצלמען זיך — [...ציילעמ...] רעפֿל.
צלם זיך אונטער, זיך ~געצלמט. פֿון צײַט צו
צײַט מאַכן איבער זיך דעם צייכן פֿון אַ צלם.
פּרעפּלען און זיך א'.
אונטערצערן זיך — רעפֿל. צער זיך אונטער,
זיך ~געצערט. זען מע זאָל ווערן מאָגערער,
דאַרער; זיך מאָרען אַ ביסל אָדער צו ביסלעך.
א, זיך פֿאַרן פּריזיוו. א, זיך ווײַל דער
דאָקטער האָט געהייסן פֿאַרלירן וואָג. ־עניש.
אונטערקאַדויטשען — טרוו. ־טשע אונטער,

~געקאַדויטשעט. סל. אַ ביסל שאָקלען, טרייסלען, שלאָגן. צעבאָלטשען. א, שטייענדיק וואַסער. א', אָנבּרעכן די ביינער.
אונטערקאַווירן — טרוו. ־וויר אונטער, ~(גע)קאַווירט. גאַראַנטירן, קאַווירן ווי דער צווייטער, נאָכן ערשטן גאַראַנטירער. א, אַ הלוואה, אַ חובֿ. ־ונג. ־ער.
אונטערקאָוועו — טרוו. ־ווע אונטער, ~ געקאָוועט. 1. אַרומשלאָגן פֿון אוגטן מיט אײַזן. א, דאָס פֿערד. א, די פֿיסלעך פֿונעם בעט. „צוליב וואָס קאָוועט מען אונטער אַ פֿערד?“, אַכ. 2. אונטערפֿעסטיקן. אויך מיט ז י ך

— א, זיך מיט נײַע ראַיות. „די פּסיכאָלאָגיע הינקט נאָך בײַ דיר, מע דאַרף זי א'“, א. גאָרדין, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No.
אונטערקאַט — דער, ־ן. וונ נבֿ. 1. געהילף, משרת בײַ אַ קליינעם זנות־מעקלער, מאַטשאָרניק. “ביסט אַפֿילו ניט קיין קאַט, ביסט נאָר אַן א', אַ משרת בײַם אַלפֿאָנס„, רייד. 2. געהילף פֿון קאַט, הענקער.
אונטערקאַטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געקאַטעוועט פֿון צײַט צו צײַט שטאַרק

.

שמײַסן. „דער רבי פֿלעגט א, בלויז אין אַ דאָנערשטיק, אַז מע האָט ניט געקענט די סדרה פֿון דער וואָך".

אונטערקאָטערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געקאָטערט. 1. וורר. אַ ביסל עמעצן צעדולן, צעמישן, מבֿלבל זײַן. 2. גראָב. פֿון צײַט צו צײַט האָבן סעקסועלן פֿאַרקער, טרײַבן זנות בשתיקה. (ספּעצ וועגן אַ מאַן וואָס איז אומגעטרײַ זײַן פֿרוי).

אונטערקאַטשען — טרוו. ־טשע אונטער, ~געקאַטשעט. 1. פֿאַרקאַטשען. אַ ביסל פֿאַרהייבן, אַרויפֿוויקלען פֿון אונטן אַרויף אָדער אין דער זײַט. א, די אַרבל. א, דאָס קליידל. א, די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע; א, די הויזן. „נאָך שטאַרקער אונטערגעקאַטשעט די אונטערגעקאַטשעטע פּאות און אַוועק צום דירעקטאָר",

שע פֿונעס יאַריד. 2. אונטערוויגן. א, דאָס קינד אין וויגל. 3. קײַקלען צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן. א, אַ פֿעסל. א, דעם אָנטל ווײַן צום קעלער. 4. וועלגערן פּאַמעלעך, מיט

איבערריַיסן. א, דאָס בלאַט לאָקשן און דערבײַ
כאַפּן אַ שמועס מיט דער שכנה. 5.
אונטערהעצן. א, חבֿרה עס זאָל ווערן אַ געשלעג.
6. הייבן אין דער לופֿט (וואָס קען גלײַכצײַטיק
זײַן אַ גוטמוטיק אָפּלאַכן). א, דעם פּאַרריסענעם
זיגער. אויך מיט ז י ך — א, זיך פֿון געלעכטער.
־עניש.

אונטערקאַטשקען — טרוו. ־קע אונטער,
~געקאַטשקעט. 1. אונטערקײַקלען, דזוו
אונטערקאַטשען. איר בײַטעם. 2. פּעיאַ.
אונטערשרײַבן. א, דעם נאָמען. אָפּט מיט ז י ך. זיך
א, און אָפּווישן דעם שווייס פֿון פּנים ־עניש.

.

אונטערקאָכן — טרוו. קאָך אונטער, ~
געקאָכט. 1. קאָכן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט.
אַז מע דאַרף קען ער אויך א'. 2. נאָך אַ
ביסל קאָכן ביזן פֿאַרענדיקן. א, די זופּ, ווײַל
זי איז צו שיטער. 3. אונטערבורען. א, אַ
קאַשע, דאָס שטעטל זאָל גיין כאָדאָראָם.
אונטערקאָכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. פֿון
צײַט צו צײַט זיך ערגערן, ווערן אויפֿגערעגט,
ווערן צעהיצט. זיך א, פֿון קלייניקייטן און
באַלד טאַקע זיך באַרואיקן ־עכ[illegible]ן ־עניש.

. .

־ערײַ.

אונטערקאָלאָט(ש)ען — טרוו. ־ט(ש)ע אונטער, ~געקאָלאָט(ש)עט. פּפֿ: ט . צעז. סל. צו ביסלעך, מיט איבערש , ~קאָלאָצען, ~קאָ

,

רײַסן קלאַפּן, שלאָגן, טרייסלען, (דורכ)מישן. א, וואַסער. א, עמעצן ־עניש.

.

אונטערקאָלדרע — די, ־ס. קאָלדרע געלייגט פֿון אונטן, אונטער אַן אייבערשטן צודעק, אָדער אונטערגעלייגט אונטערן לײַלעך. אַ וואַרעמע פֿלאַנעלענע אאַ א'.

— ,

אונטערקאָלירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~(גע)־קאָלירט. 1. קאָלירן, פֿאַרבן פֿון אונטן. א, די וואַנט מיט אַ שוואַרצן פּאַס. 2. צופֿאַרבן, פֿאַרענדיקן קאָלירן. 3. צופּאַסן דעם קאָליר. א אַ האַנטבײַטל צום קאָסטיום. א, די קנעפּ.

,

־ונג.

קאַלכט. פּפֿ: קאַלעכ אַלך אונטער, ~

גע,

, פּד. 1. צוקאַלכן

אונטערקאַלכן — טרוו.

אַ ביסל. א, איין וואַנט. 2. קאַלכך פֿון צײַט צו צײַט. א, די ווענט וואָס ווערן פֿאַררייכערט. 3. (אַקטיאָריש) צוגעבן אייגנס צו אַ רעפּליק; פֿאַרדרייען, אַרויסברענגען אומקלאָר. א, די פראָזע. ־ונג. ־עניש.

אונטערקאָלנער — דער, ־ס, ~קעלנער. (שנײַדערײַ) שטיקל לײַוונט, יעדער מין שטאָף אָדער סחורה, אונטערגענייט אונטער דעם אייבערקאָלנער. אַן א, פֿון האַרטן לײַוונט.

אונטערקאַלענד(ר)עווען — אוטוו. ־נד(ר) עווע אונטער, ~געקאַלענד(ר)עוועט. אויך: ~ קאַליאָדעווען. גיין איבער די הײַזער אויף קאַלייד. ← אויסקאַלענד(ר)עווען. א, און קריגן אויך פֿון יידן חלה, בלינעס און וואָס ניט.

אוגטערקאַנט

אונטערקאָלערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געקאָלערט. [אין לד ניט פֿאַראַן]. אונטערקײַקלען. א אַ פֿעסל ביזן קעלער צו. א, דעם באַלעם

,

אונטער די בּרעטער. אויך מיט ז י ך.
אונטערקאָמאַנדעווען — טרוו. ־דעווע
אונטער, ~געקאָמאַנדעוועט. אויך: ~
קאָמאַנדירן. 1. פֿון צײַט צו צײַט איבּערנעמען
די קאָמאַנדע: צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן
אַרויסגעבּן בּאַפֿעלן, דיקטירן. א, בּײַם מאַרשירן.
א, און אַרויסווײַזן תּקיפֿות. 2. שטיפֿן,
קונדייסעווען אויף אַ לײַכטן אופֿן. אַפֿילו גוטע
ייִנגלעך קאָמאַנדעווען אויך אונטער.
אונטערקאָמאָרניק — דער, ־עס. ווב ־ניצע,
־ס. 1. אַ קוואַרטיראַנט בּײַ אַ קוואַרטיראַנט.
„ס'איז געקומען זײַן בּרודערל פֿון שטעטל,
איז שוין געווען אַן א, אויך„, רייד. 2.
געהילף פֿון קאָמאָרניק, בּאַאַמטער פֿון שטאָט
וואָס האָט די השגחה איבּערן צאָלן דירה־געלט.
„דער א, האָט בּאַפֿוילן אַרויסצושטעלן די
בּעבּעכעס אויף דער גאַס“, רייד.
אונטערקאָמבּינירן — טרוו. ־ניר אונטער,
~(גע)קאָמבּינירט. 1. אַ בּיסל, פֿון צײַט צו
צײַט קאָמבּינירן. א, בּײַ אַ שפּיל וואו מע
דאַרף צולייגן קאָפּ. 2. מאַכן אַ קאָמבּינאַציע
מיט דער כּוונה אַ צווייטער זאָל אַרײַנפֿאַלן.
א, ווי אַן עכטער בּירזשעוויק ־ונג.

.

או'נטערקאָמיסאַ'ר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־שע, ־ס. געהילף פֿון קאָמיסאַר; צווייטראַנגיקער אָנפֿירער אין אַ רעגירונגס־אינסטיטוציע, געפֿירט פֿון אַ קאָמיסאַר. ▯ שע — אויך די פֿרוי פֿון א,.

אונטערקאַמען — טרוו. קאַם אונטער, ~ געקאַמט. 1. דזוו אונטערקעמען ←. 2. (טעכניק) אומגיין אַרום אַן אַפּאַראַט אָדער מאַשין מיט אַ קאַם אָדער אַ מכשיר וואָס דערמאָנט אין אַ קאַם און רייניקן פֿון שעדלעכע עלעמענטן פֿון רעשטלעך רוישטאָף אע. א, די

,

אַפּאַראַטור, די מאַשין.

אונטערקאַמער — די, ־ן. פֿקפֿ: ~קעמערל. 1. אונטערשטע קאַמער, וואָס איבער איר איז דאָ אַן אייבערשטע. וואוינען אין אַן א', גלײַך איבערן קעלער. 2. ספּעצ. אונטערשטער טייל פֿון האַרץ. „דער דאָזיקער אונטערשטער טייל [פֿון האַרץ] — דאָס איז די א'„, יאכ. 3. ערשטע (נידעריקערע) אינסטאַנץ אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, וואו עס איז אויך דאָ אַן אייבערקאַמער, אַ סענאַט אע. „די א, האָט אָנגענומען דעם געזעץ־פּראָיעקט„.

אונטערקאָמפּלעטירן — טרוו. ־טיר אונטער, ~קאָמפּלעטירט. צו בּיסלעך דערגאַנצן, צוגעבּן כּדי אויסצוקאָמפּלעטירן. א, די קאָלעקציע מאַרקעס מיט אַ פּאָר נײַע עמיסיעס.

אונטערקאַנויקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~געקאַנויקעט. צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן וויינען ווי אַ הונט אָדער אַ קאַץ (אויך וועגן אַ קינד וואָס בּעט עפּעס וויינענדיק און פֿאַרצויגן). לעקן די וואונד און א,. א, בּיז מע קריגט אַ צוקערקעלע. ־עכ□ן. ־עניש.

אונטערקאַנט — דער, ־ן. קאַנט, זײַט פֿון אונטן. א, פֿון ראַם.

אונטערקאָנטראָלירן

אונטערקאָנטראָלירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~(גע)קאָנטראָלירט. צו בּיסלעך, מיט איבּערוײַסן איבּערקוקן, אינספּעקטירן. אַ בּיסל צוהיטן, נאָכזען. א, די אָפּגעטאָנענע אַרבּעט. א, וי אַלטע חשבּונות. ־ונג.

אונטערקאָנטשען — [אָפּט ווי□כע □] טרוו. ־טשע אונטער, ~געקאָנטשעט. 1. צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן פֿאַרענדיקן. א, דעם אָרעמאַנס גאַרניטער האַרט פֿאַר יום־טובֿ. 2. בּמקום־ווערבּ פֿאַרן פֿאַרענדיקן טואונגען

וואָס מע וויל ניט דערמאָנען (דערשטעכן,
דערהרגענען אע). א, דעם מסור און אים לאָזן
ליגן אַ טויטן. ־עניש.
אונטערקאָנקורירן — טרוו. ־ריר אונטער,
~(גע)קאָנקורירט. פֿון צײַט צו צײַט
איבערשטײַגן אין פֿאַרמעסט, געשעפֿט.
אויסקאָנקורירן (אַזוי וו□) בשתּיקה. א, די קרעמערס מיט
אַ נײַ אַרטיקל.
אונטערקאָס(י)ען — טרוו. ־ס(י)ע אונטער,
~געקאָס(□)עט. פּפֿ: ~קאָשען. 1.
אונטערשנײַדן מיט אַ קאָסע, אַראָפּשנײַדן אַ ביסל
(נאָר דעם אייבערשטן טייל פֿון שטענגל). א,
גראָז, תּבֿואה. „אַז דער גערשטן וואַקסט צו
ראַש יונגערהייט זאָל מען אים א'“, מ. וועבער,
דער יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891.
2. אַזוי ווי אונטערשנײַדן מיט אַ שיסגעווער.
א אַ האַלבע ראָטע מיטן קוילנוואַרפֿער. 3 פֿיג.

, .
אונטערשנײַדן די פֿיס. „ער האָט אַ וואַקל
געטאָן זײַן גוף צום טאַטגס שטול און זיך
אַוועקגעזעצט, מחמת זײַן מידקייט האָט אים
אונטערגעקאָסעט“, י. ראַבינאָוויץ, איק, פּסח תּשי„ט.
אויך מיט ז י ך. קריגן אַ זעץ און זיך א'.

־עכ‌ן.

אונטערקאַסענירן — טרוו. ־ניר אונטער, ~געקאַסענירט. פּפּ: ~קאַשענירן. שטאַרק אַראָפּקלאַפּן דעם פּרײַז, די פּרײַזן. א, זוימען. א, דעם וואַלד. דזוו אויסקאַסענירן (←.).

אונטערקאַסערן — ← אונטערקאַשערו.

אונטערקאַספּערן — טרון. ־ער אונטער, ~געקאַספּערט. פּפּ: ~קאַשפּערן. אונטערנאַרו, אונטערשווינדלען און אַרויסקריגן. א אַ
,
מטמון מיט גאָלד. א, דעם שותּף. א, די פֿרײַנד און שפּילן דערבײַ דעם לײַטישן מענטשן. ־ניש.

אונטערקאָפּ — דער, ~קעפּ. פֿקפֿ: ~קעפּל. אונטערטיטל. טיטל אונטער דעם הויפּטטיטל (קאָפּ) פֿון אַ בוך, צײַטונג, אַרטיקל אאַ (געדרוקט געוויינטלעך מיט קלענערן שריפֿט ווי דער הויפּטטיטל). „דער א, פֿון דעם בוכטיטל איז 'פֿון דעם ווערטערבוך פֿון די מערדער'„, פֿאָר, 2 1963 III.

אונטערקאַפּאָ — דער, ־ס. נידעריקסטער ראַנג צווישן קאַפּאָס. „די גרופּע קאַפּאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן לאַגערקאַפּאָ, אייבערקאַפּאָ, קאַפּאָ, א, און פֿאָראַרבעטער„, וו. גליקסמאַן,

·

אונטערקאַפּאָטע — די, ־ס. קאַפּאָטע וואָס
מע טראָגט אונטער דעם מאַנטל. „שולח אני
לך אַ פּאָר קליידער, אַן א, און אַן
אייבערציִער“, א. ד. פֿרידמאַן בש, באַרדיטשעוו תּרנ„א.

אונטערקאַפּטשען — טרוו. ־טשע אונטער,
~געקאַפּטשעט. פּר, לאָקל. אונטערנייען,
צונייען אַ לאַטע אויף אַ גאַנצן זאָק (כּדי צו
באַוואָרענען פֿון ווערן צעריסן). „א, — אויף
נײַע גאַנצע זאָקן לייגט מען אַרויף לאַטעס
כּדי צו שוינען זיי„. פֿש II, ז, 373.
אונטערקאָפּטשען — ־טשע אונטער, ~
געקאָפּטשעט. אוטוו — צו ביסלעך רייכערן,
אַרויסגעבן אַ קליינעם רויך. א, ווי אַ
צאַנקענדיק ליכט, ווי אַ לעמפּל אַז דער נאַפֿט האַלט
בײַם סוף. „דאָס לעמפּל קאָפּטשעט אונטער,
פֿאַרריכט דעם קנויט„, רייד. טרוו —
אונטעררויכערן, אונטערוויאָנדזלען. א, הערינג, פֿיש.
־עניש.
אונטערקאַפּען — ־פּע אונטער, ~געקאַפּעט.
פּד: ~קאַפּיען. אוטוו — טריפֿן (ווענג אַ
פֿליסיקייט) צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן. א,

פֿון דאַך. טרוו — 1. מאַכן עס זאָל טריפֿן. אַ ביסל אַרײַנטריפֿן. א, פֿליסיקן האָניק אין טייג. א, סם און פֿאַרגיפֿטן אַ פֿרידלעך צוזאַמענלעבן. 2. וואוילינגעריש. אונטערמסרן. פֿאַרשיטן. א אַן אייגענעם ברודער. ־עניש.

,

-

אונטערקאָפּען — טרוו. ־פּע אונטער, ~ געקאָפּעט. סל. אונטערגראָבן, אַרומגראָבן (וועגן גאָרטן־אַרבעט). „אַ גאַנצן טאָג האָט ער געטאָן די אַרבעט פֿון א', באַמיסטיקן, אַרומקלײַבן„, ב. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער, נ"י 1943.
־עניש.

אונטערקאַפּריז(עוו)ען — אוטוו. ־ז(עוו)ע אונטער, ~(גע)קאַפּריז(עוו)עט. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסווײַזן קאַפּריזן, זײַן איבערקלײַבעריש, אײַנגעשפּאַרט. וועלן דורכפֿירן עפּעס וואָס איז ניט שׂכלדיק. א, ווי אַ צעפּיעשטשעטער בן־יחיד. דער סוס קאַפּריזעוועט אונטער.

אונטע קאַפּט . פֿרויענבלוזע וואָס

ל —

— אָס, ־ען, ־עך. פּפֿ:
~קאָפּטע, ~קאָפֿט
מע טראָגט געוויינטלעך אונטער אַן אייבערבלוזע.

אונטערקאַקן — טרוו. קאַק אונטער, ~ געקאַקט. וואול. במקום־ווערב פֿאַר אונטערנאַרן, אונטערגנבֿענען, אונטערלקחענען; קאַליע מאַכן. א אַן אייגענעם יאַט. א אַ טשעמאָדאַנטשיקל.

מ׳יט ז י ך — אויך: אַרומשפּילן זיך ביי אַן אַרבעט ־עניש.

אונטערקאָקעטירן — אוטוו. ־טיר אונטער, ~קאָקעטירט. פֿון צייט צו צייט, צו ביסלעך קאָקעטירן, חנדלען זיך. א, מיט אַלע בחורים אין שטעטל. א, מיט די לינקע.

אונטערקאַראַבקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אונטער, זיך ~(גע)קאַראַבקעט. 1. צו ביסלעך, צוקלעטערן נאָענט, אונטער די פֿיס. אונטערקריכן מיט די הענט און פֿיס. א, זיך ווי אַ קינד וואָס קען נאָך ניט גיין. 2. צוקומען נאָענט מיט אָנשטרענגונג (און אַזוי ווי בשתיקה). א, זיך און אונטערהערן וואָס מע רעדט. 3.

אַרבּעטן זייער פּאַמעלעך. ־עניש.

אונטערקאַרבּן — טרוו. קאַרבּ אונטער, ~ געקאַרבּט. מאַכן אַ קאַרבּ, אײַנשנײַדן פֿון אונטן. א, די פּיסלעך פֿון דעם טיש.

אונטערקאַרגן — קאַרג אונטער, ~געקאַרגט.

אונטערקאַשערן

אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט אָדער אַ בּיסל זײַן קאַרג. זיך ניט פֿאַרגינען און א'. טרוו — צו בּיסלעך אומיושרדיק אײַנשפּאָרן; א, דאָס עסן דער אייגענער משפּחה. ־עכץ.

או□ ערקאָרט — די, ־ן פּקפֿ: ~קערטל.

.

־ ניש.

אַ קאָרט וואָס איז קלענער (אין איר אײַנגעשטעלטער ווערט) ווי די וואָס מיט איר האָט אַרויסגעשפּילט אַ צווייטער שפּילער. דערלאַנגען (געבּן) אַן א'.

אונטערקאָרטשעווען — טרוו. ־טשעווע אונטער, ~געקאָרטשעוועט. אונטערגראָבּן (טיפֿער ווי) די וואָרצלען. א, די פּעניעס פֿון די אָפּגעזעגטע ביימער.

אונטערקאָרטשע(נע)ן — טרוו. ־טשע אונטער, ~געקאָרטשעט. אונטערבייגן. צו ביסלעך, אַ ביסל איַנבייגן, איַנקנייטשן. מאַכן עס זאָל זיַן (אָדער אויסזען) קלענער, עס זאָל פֿאַרנעמען ווייניקער אָרט. „דעם האָלצפֿוס אויסגעצויגן, דעם געזונטן פֿוס אונטערגעקאָרטשעט אונטערן שטול“, טמז, 18 □ 1963 III. מיט ז י ך — רעפֿל. א, זיך פֿון ווייטיק אין בויך. ־עניש.

אונטערקאָרמע(נע)ן — טרוו. ־מע אונטער, ~געקאָרמעט. 1. אונטערפֿיטערן. צו ביסלעך געבן צו עסן בעלי־חיים. א, די גענדז מיט האָבער. 2. געבן גוט צו עסן. א, דעם חולה ער זאָל קומען צו די כּוחות. 3. פֿיג. דזוו בב 1־2. א, דעם עולם מיט קליאָטשע, מיט שונד. אויך מיט ז י ך. ־עכ□ן. ־עניש.

אונטערקאָרע — די. מצ נב. אינעווייניקסטע שיכט פֿון קאָרע. „פֿון דער לינדן־א, מאַכט מען מאָטשאַלע, ראָגאָזשעס, לאַפּטשעס אאַזוו.„ ד. האָכבערג איבז, שמיַל, געוויקסן, מאָסקווע (□192).

אונטערקאָרעץ — דער, ־עס. ניט קיין פֿולער קאָרעץ, פֿאַלשע מאָס תּבֿואה. מעסטן

מיט אַן א, און אָפּנאַרן.
אונטערקאַרפּאַטן — גנ. די, בלויז מצ.
קייט פֿון קלענערע בערג, וואָס ציִען זיך פֿון
די קאַרפּאַטן פּאַזע דעם דניעסטער. ־טיש
— אָדי. וואָס איז אונטן, נידעריקער פֿון די
קאַרפּאַטן. וואָס האָט אַ שײַכות צו די
אונטערקאַרפּאַטן. א'ע דערפֿלעך. א'ע ייִדן.
אונטערקאַרק — דער, ־ן. אונטערשטער
טייל פֿון קאַרק. אַ פֿעטער קאַרק מיט אַן א'.
אַ מאַן מיט אַ גראָבן קאַרק, אַ פֿאַלב און
דערנאָך אַן א..
אונטערקאָרקעווען — טרוו. ־קעווע אונטער,
~געקאָרקעוועט. 1. צואַרבעטן, צוגעבן צו
פֿרויענשיך קאָרקעס. א, די קנאַפּל. 2. דזוו
צוקאָרקעווען, אויסקאָרקעווען. א, פֿלעשער.
אונטערקאָשען — ← אונטערקאָסען.
אונטערקאַשענירן — ← אונטערקאַסענירן.
אונטערקאַשערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געקאַשערט. אויפֿהייבן פֿון אונטן און פֿאַרבייגן,
אַ ביסל פֿאַרקנייטשן פֿון אונטן. א, די פּאָלעס.
א, די קאַפּאָטע. א, דאָס לאַנגע קלייד. א, איין
הויז און דעם אַנדערן אַראָפּלאָזן. א, די פּאות
= זיי פֿאַרלייגן הינטער די אויערן. א אַ ליפּ.

,

-

אונטערקאַשפּערן — ← אונטערקאַספּערן.
אונטערקוואָטשקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~געקוואָטשקעט. פּפּ: ~קוואָקטשען. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען (שוואַכע) קלאַנגען (וו) פֿון אַ הון. די הון קוואָטשקעט אונטער, זי וועט בּאַלד לייגן אַן איי. „די אַלטינקע עסט און קוואָקטשעט אונטער פֿון גרויס הנאה“, רייד. ־עניש.
אונטערקוואַל — דער, ־ן. קוואַל וואָס פֿליסט אונטער דער ערד. אַ פֿעלדזיקע געגנט מיט אַ סך א'ן.
אונטערקוואַקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געקוואַקעט. פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען קלאַנגען קוואַ־קוואַ (ווי) פֿון אַ פֿראָש. "שטיל, נאָר פֿון ווײַטן זומפּ קוואַקען אונטער די פֿרעש„. ־עניש.
אונטערקוואָקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געקוואָקעט. 1. דזוו אונטערקוואָטשקען. 2.

באַקלאָגן זיך שטילערהייט אויף עפּעס אָדער אויף עמעצן. א, אויף דער שווערער דאָליע. ־עניש.

או'נטערקוואַ(□)טי'ר — די, ־ן. אַ קוואַ(□)־טיר (פֿון איין צימער אָדער מער) בײַ אַ צווייטן וואָס דינגט די גאַנצע קוואַ(ר)טיר.

־אַנט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס וואוינט אין אַן אונטערקוואַ(ר)טיר. א'־מ ײַ ס ט ע ר.

אונטערקוואַרן — אוטוו. קוואַר אונטער, ~ געקוואַרט. צו ביסלעך ווערן דאַר און קוואַר, ווערן אָפּגעשוואַכט. א, ווי אין אַ הונגעריאָר.

אונטערקוויטל — דאָס, ־עך. קאָפּיע פֿון קוויטל (באַשטעטיקונג, קבלה) וואָס בלײַבט בײַ דעם וואָס גיט אַרויס דאָס קוויטל. נעמען די א'עך און צונויפֿרעכענען וויפֿל מע האָט צונויפֿגעקליבן.

אונטערקוויטשען — אוטוו. ־טשע אונטער, ~געקוויטשעט. פֿון צײַט צו צײַט, מיט איבעררײַסן אַרויסלאָזן אַ קוויטש. א, פֿון ווייטיק, פֿון פֿרייד. א, ווי אַ געבונדענער חזיר אויפֿן יריד. „ס'איז ניט געזונגען, ס'איז אונטערגעקוויטשעט„, רייד. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

אונטערקוויקן — טרוו. קוויק אונטער, ~ געקוויקט. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט, צו

ביסלעך געבן עפּעס (צום עסן) וואָס פֿאַרשאַפֿט הנאה, וואָס קרעפֿטיקט. א, דאָס פֿאַרהונגערטע קינד מיט אַן עפּל. פֿיג. א, די אַלטינקע לײַט מיט לויבן זייער אייניקל. א, דאָס ה אַ ר ץ = פֿאַרשאַפֿן הנאה פֿון עסן אָדער מיט אַ גוטער בשׂורה. אָפֿט מיט ז י ך — רעפֿל. א, זיך מיט אַ קאַלטן טרונק, מיט אַ פֿלעשעלע יש.

אונטערקוועטשן — טרוו. קוועטש אונטער, ~געקוועטשט. 1. אונטערדריקן. א, די אַרבעטער, וועלן זיי נאָכגעבן. 2. אַ ביסל דריקן, קוועטשן אויף אונטן אָדער פֿון אונטן. א, די קליידער, זיי זאָלן אַרײַן אין טשעמאָדאַן. א, די לימענע פֿאַר נאָך אַ גלאָז טיי. 3. אײַנקוועטשן. א, אַ פֿוס, אַ פֿינגער. 4. אוטוו. קוועטשן פֿון צײַט צו צײַט. א, מיט די אַקסלען, פּלייצעס.

אונטערקוועטשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. גראָב. זיך קווענקלען בײַם אָננעמען אַ באַשלוס אָדער בײַם זאָגן עפּעס. „ווי לאַנג וועסטו זיך א'? זאָל זײַן אַזוי צי אַנדערש“, רייד. 2. אונטערשטאַמלען, זאַאיקען זיך. א, זיך בײַ יעדער וואָרט. 3. מיט שווערקייט האָבן שטולגאַנג. א, זיך אפֿשר אַ האַלבע שעה.

־עכ⃞ן. ־עניש.

אונטערקוועלן — ⃞וטוו. קוועל אונטער, ~ געקוועלט (~געקוואָלן). 1. צו ביסלעך אָנקוועלן, האָבן פֿאַרגעניגן. דער זיידע האָט אונטערגעקוועלט פֿון דעם אייניקלס חכמהלעך. 2. אָנהייבן פֿוילן. די בולבעס קוועלן שוין אונטער. 3. אָנהייבן יוירן. די יאַגדעס אין סלאָי וועלן א'. מיט ז י ך — זיך אונטערמאַטערן. זיך א, זאַלבעאַכט אין אַ קעלערשטוב.

אונטערקוועקלען — אוטוו. ־קל אונטער, ~געקוועקלט. 1. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט ניט זײַן זיכער בײַ זיך; זײַן אין ספֿק; איבערקלערן, איבערטראַכטן און ניט קענען באַשטימען, באַשליסן. „דער רבֿ פֿלעגט אַפֿילו אויף דעם א',„ אָנכי, 'אַמאָליקע שׂמחות'.

געוויינלעך מיט ז י ך. א, זיך צי יאָ צי ניט געבן די הלוואה. א, זיך בײַם אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין. א, זיך פֿאַר ווענען צו שטימען. ־עניש.

אונטערקויט — דער, בא. שמוץ וואָס געפֿינט זיך פֿון אונטן, אונטער עפּעס. געפֿאָרבענע נעגל מיט א'. אַ באַלעבאָנדע מיט אַן אייבערקויט און אַן א,.

אונטערקויטיקן — טרוו. ־טיק אונטער, ~

געקויטיקט. מאַכן קויטיק פֿון אונטן. א, די הויזן, דאָס העמד אאַזוו.
אונטערקוילע(נע)ן — טרוו. ־לע אונטער, ~געקוילעט. 1. פֿון צײַט צו צײַט שעכטן מיט אַ חלף. דער אַלטער שוחט קוילעט נאָך אונטער. 2. צו ביסלעך טייטן, דערשטעכן, דערהרגענען. „מע האַנדלט אונטער מיטן ייִד און מע — קוילעט אים אונטער„, רייד. „ס'איז ניט קיין קלייניקייט צו בלײַבן אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט אין דער צײַט, ווען דרײַצן נאַציעס א, און אונטערשיסן איינע די אַנדערע„, ווינטש II , נ„י 1927. 3 פֿיג. א,

.

אַ פֿאָרשטעלונג, אַ ראָלע ־עניש.

.

קוילערט. אויך: ~קאָלער ער אונטער, ~ גע[אין לד ניט
פֿאַאונטערקוילערן — טרוו. ־

ראַן]. אונטערקײַקלען, אונטערקויקלען. א, די ראָד בײַם שפּילן (זיך).
אונטערקויף — דער, ־ן. אַקט פֿון אונטערקויפֿן, דאָס מיט וואָס מע קויפֿט אונטער. לאַפּוּווקע, כאַבאַו, שוחד. „צוגעבן עפֿנטלעך ווען

אַ כלומרשטער א'־קאָנספּיראַציע,,, טמז, 1964 l4 XI.

אונטערקויף־געלט — דאָס, ־ו (־ע□).
כאַבּאַר, שוחד, לאַפּוּווקע. י. י. אינדיצקי, אין מקראי קדש...ועם תּרנוס המלות והענין, וואַרשע 1899 פּאַרטײַטשט אומעטום ,שוחד': ,, בּאַ,

שטעכו□ א'־ג'". ,,דאָס רײַסן מצד די פּאַר שיידענע שׂררות פּאַרשיידענע א'־ג, אַלס אויסקויף פּון פּאַרשיידענע גזירות", א. קופּפּער, בּלעטעך פּאַר געשיכטע 3 II□, No־4. ,,און קיין שוחד (א'־ג') אויף אַ ריינעם (אומשולדיקן)

□

□

אונטערקויפֿן זיך

האָט ער ניט גענומען,,, הרבֿ ש. פּליסקין, אַמעריקאַנער, 15 □ III 1958 [איבֿז פֿון 'ושחד על נקי לא לקח', תּהלים, טו, □]. ,,ער האָט פֿאַרלאַנגט ריַטוואָגנס און לויפֿערס אָפּצוגעבֿן די גזילה און געגעבֿן א־ג'“, ש. איזבֿאַן, טמז, 7 X 1958.

אונטערקויפֿן — טרוו. קויף אונטער, ~ געקויפֿט. 1. געבֿן שוחד, כאַבֿאַר. געבֿן שוויַגגעלט. געבֿן אין יד אַריַן. א, דעם ניַעם פּריסטאַוו, ער זאָל זיַן מילדער צו די שטעטלשע ייִדן. א, אַן עדות, דעם ריכטער גופֿא. א אַלעמען אין דער פּריסוטסטווע, דער זון

,

זאָל קריגן אַ וויַסן בילעט. א, אַ פּאָליציאַנט, ער זאָל לאָזן איבֿערנעכטיקן אין אַ שטאָט מחוץ דעם תּחום המושבֿ. א, די גרענעץ־וואַך. ,,איך מוז צום שמשׂ לייפֿן, אים אונטערקייפֿן ער זאָל מיר קריגן כאָץ צוויי דריַ טעג...“,

ה. קלעבאַנאָוו, די בלינדע פֿייגיל, ווילנע 1908.
„ערלעכע מענטשן דאַרף מען ניט א„ און
אומערלעכע איז אַ זינד אונטערצוקויפֿן“, [מ.
מאָנטעפֿיאָרעס אַ זאָ] ממז, 1963 I ו 2.
2. געבן סיסטעמאַטיש געלט, אַזוי ווי האַלטן
אויף שׂכירות, כּדי אַ צד אין אַ קאָנפֿליקט
זאָל האָבן אַן אייגענעם מענטשן בײַם צווייטן
צד (גרופּע, אָרגאַניזאַציע, מדינה אאַ). א, אַ
הויכן מיליטער־מאַן, ער זאָל שפּיאָנירן. א,
אַ מיטגליד פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן קרײַזל,
ער זאָל ווערן אַ פּראָוואָקאַטאָר. „די
גוווערנאַנטקע איז געווען אונטערגעקויפֿט [זי זאָ]
איבעררעדן [די העלדין], זי זאָל זיך טויפֿן“,
ימבר„ע איבז, די עגונה, בוקאַרעשט 1878.
„איך האָב אײַך געשמידט אַ פֿעסטע
דיפּלאָמאַטישע קייט אין ענגלאַנד און אַלע אײַערע
פֿרײַנד אונטערגעקויפֿט„, דא, שוואַרץ־רויט,
וואַרשע 1919.
3. געווינען מיט מתּנות, מיט געפֿעליקייטן,
חניפֿה, צוזאָגן אע. א, אַ קינד מיט צוקערקעס.
„אַמאָל האָט מען דאָ פּשוט געקויפֿט שטימען,
איצט קויפֿט מען אונטער מיט צוזאָגן וואָס
מע ווייסט אַז מע קען זיי ניט דורכפֿירן“,
רייד. „אַ גאַנץ פֿאָלק קען מען ניט א, מיט

געלט, אָבער מע קען עס יאָ א, מיט אַ
דעמאַגאָגישער פּראָגראַם,,, רייד. ,,פּרוּוון אפֿשר
א, זי, ווי געוויינטלעך צווישן סוחרים — חס
ושלום“, ממוס, שלמה. ,,איז דאָס טאַקע געווען
אַ שפּיל פֿון דעם שׂטן...אָדער די ווייַבער זײַנען
געקומען צום שׂכל און האָבן דעם שׂטן
אונטערגעקויפֿט גאַנץ פֿעסט,,, מ, בּ, ר, ך [מ.
כּ,,ץ], דער קאַראַבעלניקל, ווילנע 1900.
4. איבּעררעדן עפּעס צו טאָן קעגן אייגענעם
געוויסן, קעגן אייגענע אינטערעסן. ,,אַ פֿרײַנד
דאַרף מען קויפֿן, אָבער ניט א',,, מר II ,
נ,,י 1908.
5. דערדריקן, פֿאַרשטויסן. איבּערשטאַרקן,
גובֿר זײַן. א, דאָס אייגענע געוויסן מיט
כלערליי פּשטלעך. ,,ווי שווער עס איז
אַוועקצוגיין, אַנטלויפֿן...און דעם געדאַנק ווי שווער
צו א',,, סעג, 'און נאָר עס נאָגט'.
אונטערקויפֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
אונטערחנפֿענען זיך, צומאַכן זיך צו עמעצן מיט
עפּעס וואָס געפֿעלט יענעם. אונטערלאַשטשענען
זיך. א, זיך צום נגיד, צום נײַעם גבאי. ,,איו

האָכ געחנפֿעט דעם אייבערשטן מיט זיסע
רײדעלעך, זיך געוואָלט א, בײַ אים מיט פֿאַלשע
ווערטער,,, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.
־ונג. ־עכ␣ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

␣

אונטערקויסערייש — אַדי. וואָס האָט אין
זיך עפּעס אויף צו געפֿעלן, צו געווינען עפּעס
בײַ עמעצן פֿאַלשע א'ע חנדעלעך.

.

קו ␣רקויקל — טרוו ־קל אוגטער, ~
גען .

י

ט. פּפֿ: ~קײַקלען. צו ביסלעך, מיט
או␣ ␣ן

איבעררײַסן דרייען, קאַטשען ווי אַ קויק. א,
דאָס פֿעסל הערינג. א, דעם שווערן באַלעם
אע. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אונטערקוך — דער, ־ס. אַרכ. ← דוווו.
„דער אונטר קוך שפּרך ווש איז דר מער,
און, ווש זול זײַן דש דוזיג וועזן“, בּבא־בּו□., 317.
אונטערקוכער — דער, ־ס. געהילף פֿון
קוכער. „די פּאָטראַוועס ווערן צוגעגרייט אין
קיך דורך די קוכערס, אייבּערקוכערס און א'ס“,
א. אַלמי, פֿאַש, 1 XI 1958.
אונטערקול — [...קאָל] דאָס (דער), ־ות
[...קוילע□]. (געזאַנג) טיפֿע שטים; בּויך־שטים.
בּאַסאָווע שטים, היפּוך פֿון אייבּערקול.
אונטערזינגען, אונטערשפּילן אויפֿן א, = אויף
קאָנטראַבּאַס, אויף טיף. „אַ מענטש וואָס איז
ניט גאַנץ קען האָבּן אַן אייבּערקול, אַן א',
אַ בּײַקול, אָבּער ניט קיין ריינעם קלאָרן
קלאַנג“, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'.
אונטערקומען — אוטוו. קום אונטער, בּ י ן
~געקומען. [וועגן ה אָ בּ ← אויסקומען, אוטוו.]
1. אָנקומען אין דער ריכטיקער צײַט. א, ווי
אַ שליח פֿון גאָט. די הילף קומט אונטער,
אַזוי ווי די אָבֿות (די צדיקים פֿון יענער־וועלט)
וואָלטן זיך משתּדל געווען. „וואַרט מיר [= מיך]
אָפּ דאָרטן צוזאַמען און איך וועל שוין
אומגעזאַמט א',„ ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887.
„ווען איך זאָל ניט געווען א'...און אָפּנעמען בּײַם

גנבֿ די זאַכן, וואָלט זי געבראָכן געוואָרן פֿון
בּרויט,,, ממוס, קליינמענטשעלע. ,,דאָך אים איז
צו העלפֿן...ניט אונטערגעקומען קיין איינער“,
יהואָש, 'דעם נבֿיאס בּלוט'. *א, עמעצן א ו י ף
דער האַנט = אַרײַנפּאַסן אין עמעצנס פּלאַן,
צוטרעפֿן, דערפֿרייען. *א, א ו נ ט ע ר דער
האַנט = צופֿעליק בּאַגעגענען, זיך טרעפֿן מיט
עמעצן. ווען ער קומט מיר אונטער אונטער דער
האַנט, קריגט ער פֿון מיר דעם ריכטיקן חלק.
2. אָנקומען צופֿעליק, אומגעריכט. א, ווי
אַן אומגעריכטער גאַסט. דאָס גליק וועט נאָך
א'. ״אַ מבּול איז אונטערגעקומען און האָט
אַלץ אָפּגעווישט,,, רייד. ,,און צו די דאָקטוירים
דעם גערימל, ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם הימל,
קומט אַ דאָקטער פּלוצלעם אונטער,,, ממוס,
יודל. ,,...בּיז ס'איז אונטערגעקומען אַן
אומגעריכטער צופֿאַל“, חג, טמז, 1965 □י30 I.
3. דזוו צוגיין, צוקומען ניט־גערופֿענערהייט.
א, ניט־געבעטענערהייט. ,,אַ ייִדענע קומט
אונטער און מישט זיך אַרײַן אין שמועס“, רייד.
״ווי נאָר ער זעצט זיך אויפֿן פֿאָטערס שטאָט,
קומט אונטער אַ פּעמפּיק און טרײַבּט אים אַראָפּ“,
ממוס, שלמה. ,,און דערווײַלע קומט אונטער
די מחותּנתטע און בּאַווײַזט מיר דער טאָכטערס

,,אַ .I האַנטאַרבעט“, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ

דריטער איז אונטערגעקומען...זיך מיטאַמאָל
צעלאַכט און אַוועקגעגאַנגען,,, אָפּאַ, אַרום די
ד[ורבו⃞נ.
4. צוקומען נאָענט. ,,וואָס, בראָנפֿן? רופֿט
זיך אָפּ יענער מיט דער רויטער נאָז,
אונטערקומענדיק נעענטער,,, ממוס, ווינטשפֿ. ,,איר
נחת פֿלעגט זיך דײַטלעך אויסדריקן, ווען אַ
קונה פֿלעגט א, צום קאָשיק עפּל און געבן
עפּעס צו לייזן,,, אַר, 'אָרעמע געמיינדן'. ,,דאָך
באַלד ווי די באַנדע קומט אונטער מיט פּיקעס
און העק צו דער טיר“, אַל, 'די געלט־וואַרפֿערקע'.
5. אָנקומען פֿון אַ זײַט, ניט־
באַמערקטערהייט, (אַזוי ווי) בשתיקה. א, און זיך
אײַנהערן
אין שמועס. ,,ער איז דאָ! — האָט אַ געשריי
געטאָן אַ ייִדענע וואָס איז אונטערגעקומען
פֿון הינטן צו,,, ממוס, מסעות.
6. סתם אַרײַנקומען. ,,דו וועסט דערנאָך
אַהין א'?“, ממוס פּישקע. ,,ס'בחורל האָט זיך
,
אַרויסגעשאַרט פֿון שטובֿ שׂרה איז
אונטער— .

געקומען“, אָפּאַ, אַרוס די חורבֿות.
7. אונטערגיין. די שיף מיט דער גאַנצער מאַנשאַפֿט איז אונטערגעקומען. אַלע זײַנען אונטערגעקומען בײַ דעם טויט־מאַרש.
8. באַווײַזן זיך, זיך מעלדן. א, ווי אַן עדות פֿאַרן געריכט. „ס'איז ניט אונטערגעקומען דער יורש...דער געזעצלעכער אייגנטימער„„
ש. איזבאַן, טמז, 30 1964 X.
9. (האָבן אויסקומעניש) האָבן או􏰀ף חיונה. „ניט איטלעכער קען וואוינען אין קהילה נײַערט וואוינען אויף ישובֿים, איינציקווײַז, וואו מען א, קען“, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1O.1796. אונטערהנפֿענען און נאָכגעבן. א, דעם נגיד אין אַלע זײַנע קאַפּריזן. 11. אַנשטאָט אַרונטערקומען. א, פֿון באַרג.
אונטערקומען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. קומט אונטער, א י ז ~געקומען. 1. פֿאָרקומען, פּאַסירן. „כ'האָב טאַקע צוגעזאָגט, אָבער ס'איז אונטערגעקומען אַ וויכטיקע געשעעניש...“, רייד. „ער וויל אונדז אײַנריידן אַז ווען עס זײַנען אונטערגעקומען די גראַנדיעזע שלאַכטן פֿון דער רעוואָלוציע...“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.

2. זיך מאַכן, זיך טרעפֿן. "דרײַ מאָל אין יאָר מעג מען זאָגן ליגן: זומער, ווינטער און ווען עס קומט אונטער" ,, שוו. ,,אַז עס קומט אונטער אַ גוטע געלעגנהייט — לאָזט זי ניט דורך", רייד. ,,אַך, ווען מיר קומט איצט אונטער די ריכטיקע קאָרט, וואָלט איך גענומען אַלע אויגן", רייד. ,,זאָלן נאָר די מבֿינים דיך באַמערקן, ווען די געלעגנהייטן שוין א'" ,, י. מאַנדעל, טמז, 15 X 1964.

3. אײַנקומען. אַרײַנקומען אין פֿאָרעם פֿון הכנסה. [דער סוביעקט פֿון זאַץ איז די מטבֿע, דאָס געלט.] ,,אַמאָל אין אַ יובֿל קומט אונטער אַ פּאָר טאָלער" ,, רייד. ,,אין פֿערצן טעג אַרום ווערט בײַ מיר אַליין חופּה זײַן...עס איז דאָך שווער אָן אַ מאַן אַליין צו זיצן, עס קומט דאָך אונטער אַ פֿרישער גראָשן", ליאָנדאַר, נײַער בש, ווילנע 1844.

4. אונטערגיין (ווען זון, זן ווען אַנדערע הימלישע קערפּערס). ,,ווידר קערן דוא זולשׂט ווידר קערן צו אים דשׂ פּפֿאנד אַז זיא אונטר

אונטערקוקן

קומט דיא זון" ,, טח, דבֿרים, כד/יג. ,,זאָלסט

נאָר דאָס בגד האַלטן ביז די זון וועט א',,, אַר, 'צום מלוה'. ,,עס טאָגט שוין באַלד, די לעצטע שטערן וועלן א',. 5. אַרונטערקומען. אַ מבול פֿון הימל וועט א,. ,,די טונקלקייט איז אונטערגעקומען, ווי אַ שׂונא, שטיל און לאַנגזאַם,, פֿאָר, 1964 I 19.

,
6. אָנקומען נאָענט (וועגן אַ דאַטע). עס קומט אונטער אַ חגא. עס קומט אונטער ניטל. דער גרויסער יאַריד וועט באַלד א'. ,,ביי מיר, אַז עס קומט אונטער אַ יום־טובֿ, צערינט דאָס ביסעלע מינץ", רי ד. "אַז סע קומט אונטער אַ יום־טובֿ און דער רעדאַקטאָר טרעט אַרויס מיט געצאַצקעטע ווערטער,,, שע, אַלט־ניי כתרילעווקע.

־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־עריי.

אונטערקומען — דאָס (דער, לד). מצ נב.

1. חיונה, אויסקומעניש, הכנסה צו קענען לעבן. אַ שווער א'. ,,מע קען ניט זיין קיין ערלעכער ייִד, וואו מע האָט ניט קיין געהעריקן א, (אויסקומעניש), אָן טענות און אָן קאָפּדרייעניש", אמד, בן־יחיד, ווילנע תרל,,ה.

2. אונטערגאַנג (פֿון דער זון). ,,ווען פֿון

שײַן דער זונן בײז זײַן אונטר קומן — ער
איז גיאַכפּרט מײַן נאמן אונטר דען פֿעלקערן,,,
טח, תּולדות, הפֿטורה. 3. דטשמ. נר. שפּײַז,
באַשפּײַזונג. ,,אין דער קרעצמע וואו נאָר איין
יודע וואוינט איז שוין צו האָפֿן צו האָבּן
דאָרטן איין גוטן א', איין ריינעם וואַרעמען
צימער“, אמד, יהודית די צווייטע, ווילנע 1875.
אונטערקופּלער — דער, ־ס. אַרכ.
אונטערשטופּער; אַגענט צו עפּעס שלעכטס. ,,אַזו
שרײַבּן דיא חכמים...דאשׂ הערץ אונ, דיא אויגן
דאשׂ זײַן דער אונטר קופּלר צו אַלין עבֿירות,,,
בּראַנט.
אונטערקוצעראַבּען, ־כען, ־פּען — טרוו.
־בּע, ־כע, ־פּע אונטער, ~גערקוצעראַבּעט, ־כעט,
־פּעט. (שנײַדעריַ) פֿון צײַט צו צײַט נייען
שלעכט, ווי אַ פּאַרטאַטש. אַ ביסל קאַליע מאַכן
די סחורה בײַם נייען, צעקנייטשן,
צונויפֿשטשאָבּען. א, ווי אַ לערן־ייִנגל אַ קאַליקע.
אונטערקוקן — אוטוו. קוק אונטער, ~
געקוקט. 1. צו ביסלעך קוקן אויף עמעצן
אָדער עפּעס. ,,בקיצור מיר האָבּן דערפֿילט
די פֿיס, און האָבּן אָנגעהויבּן א, איינס אויפֿן
אַנדערן,,, שע, ייִדישע שרײַבּעך.
2. קוקן אויף עמעצן אָדער עפּעס (אַזוי

ווי) פֿון אַ באַהעלטעניש, מיט נײַגעריקייט, נאָכקוקן. „אַז קלמן מיט די באַהעלפֿערס זײַנען זיך געגאַנגען א, וואָס מיר טוען...זײַנען זיי געוואָרן פֿאַרשעמט„, זאבֿ הלוי, דער רבי קלמן סענדערס, באַרדיטשעוו 1906. „יִדן האָבן דאַן גנבֿיש אונטערגעקוקט פֿון יעדן שמאָלן סיטקעלע...וועמען פֿון זײַנע באַקאַנטע וועט דער דאָקטער לאָזן מאַכן אַן אַקט„, בערג, אָפּגאַנג I.

3. טרוו. דזוו ב2 און דערזען. א, דעם בחור מיט דער מיידל. „מע קען ניט א, ווער עס איז דאָרטן, ווײַל ס'איז פֿינצטער“, רייד.

4. אונטערהיטן. א, די אַרבעטער, זיי זאָלן ניט מאַרודיען.

אונטערקורירן

אויף מיט ז י ד 1. קזוו. זיצן, זיך האַלטן א בײַ די הענט און זיך א'. 2. דזוו אָן זיך, בב 1־2. „היט זיך, עמעצער קוקט זיך אונטער„, רייד. „האָט אַלעמאָל זיך אונטערגעקוקט צו דער מאָדנער קאָמפּאַניע“, א. קאַהאַן, אַהרן ליבערמאַן, קיִעוו 1935.

־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ. א

אונטערקורירן — טרוו. ־ריר אונטער, ~ קורירט. צו ביסלעך, צײַטנווײַז קורירן, הײלן. א, די קרובֿים, די אייגענע ווײַב. אויך פֿיג: א א, דאָס קראַנקע געשעפֿט. געוויינטלעך מיט
ז י ך — רעפֿל. זיך דאָקטערן. א, זיך און פֿאָרן אין די בעדער. ־ונג.

אונטערקורץ — אַדי. וואָס איז ווינציקער, קירצער ווי קורץ. ,,אין לעצטן פֿאַל האָט דער א אַפּאָסטראָף אַ פֿאָנעטישע גילטונג (גיט איבער א'ן e צי i), ״ נפ, ייִפֿאַ, 1938, 1.

אונטערקיבעצן — טרוו. ־בעץ אונטער, ~ געקיבעצט. צו ביסלעך קיבעצן, זיך אַרײַנמישן ווען אַנדערע שפּילן. אויף אַ לײַכטן אופֿן קריטיקירן, אַרײַנזאָגן מיט אַ שטעכווערטל אָדער שפּאָטוואָרט. א, ווען מע שפּילט שאָך. א, ווי א אַ געניטער פֿעליעטאָניסט.

אונטערקיטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געקיטעוועט. אונטערקלעפּן מיט קיט. א, די שויבן, די פֿענצטער. א

אונטערקייטלען — טרוו. ־טל אונטער, ~ געקייטלט. צומאַכן, פֿאַרמאַכן אויף אַ קייטל פֿון אונטן. א, די פֿאָרטקע ־עניש. א

אונטערקײַלעכן — טרוו. ־לעך אונטער, ~ גע.

י

קײַלעכט. 1. (טאָקערײַ, סטאָליערײַ) מאַכן אַ
בּיסל מער קײַלעכדיק. א, די פּיסלעך פֿון
טיש. 2. (סטאַטיסטיק, מאַט) נעמען די
קײַלעכדיקערע צאָל אַנשטאָט דער פּינקטלעכער
(ווען מע האָט צו טאָן מיט קליינע
אונטערשיידן). א, די ציפֿער. א, בּיז אַ גענויקייט פֿון 0.1.
־ונג.
אונטערקײַען — טרוו. קײַ אונטער, ~געקײַט
(פּר: ~געקײַעט) פֿון צײַט צו צײַט, צו
.
בּיסלעך קײַען. א, די סקאָרינקע. ־עכ ן.
־עניש. ־ער — ער איז ניט קיין עסער, א
נאָר אַן א'ער.
אונטערקײַער — דער, ־ס. אונטערשטער
אונ ןערקײַקל — טרוו ־קל אונטער, ~גע־ א
ען .
2. דזוו
קינבּיין. דערלאַנגען אַ זעץ אין א'.
י
קײַקלט. 1. דזוו אונטערקויקלען ..).
אונטערקײַלעכן. 3. צובּרענגען קײַקלענדיק

אונטער עפּעס. א, די ראָד אונטערן אויטאָ. מיט
ז י ך — 1. רעפֿל. א, זיך אין שניי. 2. אוטוו.
זיך ווי אַ פּילקע. אַ ניסל האָט זיך אונטער־ א
דערגרייכן ערגעצוואו דורך קײַקלען זיך. א,

געקײַקלט אונטער דער סאָפֿע. „פֿון דער
דאָטערגעקײַקלט אַ שטיקנדיקער קנויל פֿון האַרצן א
זיקער מיאוסער סצענע האָט זיך משהקען

אונצום האַלדז צו“, זש, טמז, 1963 III ◻ 11.
־עניש.
אונטערקילן — טרוו. קיל אונטער, ~
געקילט. צײַטנווײַז אויסקילן, מאַכן עס זאָל
ווערן אַ ביסל קילער. א, ווײַן פֿאַרן טרינקען. א
א, דאָס צימער פֿאַרן גיין שלאָפֿן. א, די זופּ
פֿאַרן קינד ־עניש.
.

ונטערקימערן זיך — אוטוו. ־ער זיך
אונטער, זיך ~געקימערט. צו ביסלעך, פֿון
צײַט צו צײַט זיך זאָרגן און זיך באַמיִען
וועגן עמעצן (עפּעס); צו ביסלעך האָבן אין

זינען עמעצנס זאָרג. זיך א, וועגן אַ פֿרײַנד
אין אַ נויט. זיך א, וועגן די עקזאַמענס.
ונטערקין — די (דער), ־ען. אונטערשטער
טייל פֿון קינבאַק. מאָרדעלע. גאָמבע. מיט
אַ שאַרפֿער א'.
ונטערקינדלען — אוטוו & טרוו. ־דל
אונטער, ~געקינדלט. האָבן, געבוירן נאָך
עטלעכע קינדער. „נאָכן צווילינג האָט זי נאָך
אונטערגעקינדלט (מיט) צוויי מיידעלעך", רייד.
־עניש.
קיפּ▯רקיפּלען
ל פֿון צײַט צו צײַט ריי א
צן,
ונט — טרוו. ־פּל אונטער, ~
געט. אַ ביס ,
טשעפּען, צושטיין, טאָרקען, דערקוטשען. „
שטילינקערהייט, מיט די שפּיץ פֿינגער, האָט ער
אָנגעהויבן אונטערצוקיפּלען בערלען בײַם
אַרבל", ווײַס, 'בערל און שמערל'. ־עכץ.
־עניש. ־ער.
ונטערקי'רזשנעווען — טרוו. ־נעווע
אונטער, ~געקירזשנעוועט. צו ביסלעך, פֿון צײַט
צו צײַט טאָן אויך קירזשנערײַ־אַרבעט. אַ
שנײַדער וואָס קירזשנעוועט אונטער.

ונטערקירכלעך — אַדי. וואָס איז אונטער דער ממשלה, דער דעה פֿון קירך. וואָס געהערט צו דער קירך. א'ע מאַיאָנטקעס.

ונטערקירצן — טרוו. קירץ אונטער, ~ געקירצט. 1. מאַכן אַ ביסל קירצער די לענג. א, דאָס קליידל. „אַ ביסל א, די קאַפּאָטע בכדי זי ניט צו פֿאַרדריפּען“, ממוס, ווינטשפֿ. „האָבן זיי אָפּטער אויסגעקעמט דאָס בערדל און אַ קאַפּעלע אונטערגעקירצט די פּאות“, בעמ I. א 2. אַ ביסל קירצן די צײַט פֿאַרקלענערן דעם

,

פֿאַרנעם. א, די רעדע. א, די דערציילונג, דעם ראָמאַן אע. א, דעם אורלויב. א, די יאָרן.

3. וואוילױנגעריש. דזוו מאַכן מיט אַ קאָפּ א
־ונג ־עכץ ־עניש ־ער ־ערײ א

. . .

. —.

קירצער.

ונטערקלאָגן — אוטוו. קלאָג אונטער, ~ געקלאָגט. פֿון צײַט צו צײַט קלאָגן. א, אויפֿן פֿאַרלוסט.

ונטערקלאָגן א

זי לאָגן אויף עפּעס, האָבן

— ← דפֿוו פֿון צײַט

.

צו צײַט זיך באַק
טענות צו עמעצן. א, זיך אויף כּלערליי חולאתן.
א, זיך ווי אַ ברוגזע מחותּנתטע. מעגלעך אויך
אָ ן ז י ך. „ער האָט פּרנסה, אָבער ער קלאָגט
נאָר אונטער“, רייד ־עכץ ־עניש. א

.

ונטערקלאַמערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געקלאַמערט. פֿון אונטן פֿאַרפֿעסטיקן מיט
קלאַמערן, קליעשטשעס. א, דאָס האָלץ צום טאָקן.
ונטערקלאַנג — דער, ־ען. שטילער קלאַנג
וואָס גרייכט ניט (אָדער קוים) צום געהער.
נאָכקלאַנג וואָס מע קען בלויז פֿילן. „דער
א, פֿון ווערטער, שורות, גראַמען“, סוצ,
יִדישע גאַס. ־יק — אַדי.
ונטערקלאַס — דער, ־ן. 1. (באָטאַניק,
זאָאָלאָגיע) טייל פֿון אַ קלאַס געוויקסן,
בעליחיים. אַלפֿאַלפֿאַ איז אַן א, פֿון די שטרוי־

געאונטערקלײַבן

וויקסן. 2. (סאָציאָלאָגיע) טייל פֿון אַ
סאָציאַלן קלאַס. מע טיילט אײַן דעם מיטלשטאַנד

אין עטלעכע א'ן. דער 'לומפּן־פּראָלעטאַריאַט,
איז ניט קיין א, פֿון פּראָלעטאַר אַט. „אַן
אָפּי
שוואַכונג פֿון די בּענדער וואָס בּינדן צונויף
די בּירגער אין בּאַזונדערע קלאַסן און א'ן“,
מעריסאָן איבּז, ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן.
3. קלאַס, גרופּע אין געזעלשאַפֿט וואָס איז
בּאַגרענעצט אין רעכט, אין עקאָנאָמישע
מעגלעכקייטן. „די שוואַרצע זײַנען דאָ איין
גרויסער א',„ רייד. „אַ פּראָבּלעם פֿון דעם א',
ווי אייניקע סאָציאָלאָגן בּאַצייכענען די סאַמע
אָרעמסטע שיכט פֿון דער בּאַפֿעלקערונג“, א.
מענעס, פֿאָר, 1965 ׳׳ 1. ־נדיק — אַדי.
א'ע שײַכותן.
ונטערקלאַפּן — טרוו. קלאַפּ אונטער, ~
געקלאַפּט. 1. קלאַפּן פֿון אונטן. א, אַ פּיסל
דעם הונט [דאַטיוו]. 2. צוקלאַפּן פֿון אונטן.
א אַ בּרעטל, אַ לײַסטל. 3. אוטוו פֿון צײַט
, .
צו צײַט קלאַפּן. א, אויפֿן פּויק. א, אין
פֿענצטער און דערמאָנען. א, מיט די הענט. 4. פֿון
צײַט צו צײַט אַ בּיסל שלאָגן. אָנרייצן שקצים
זיי זאָלן א, די ייִדן וואָס גייען דורך. „ווי
אַן אמתער חסיד פֿלעגט ער איר [= זײַן

— ...

ווייַב] באַלד מקיים פסק זײַן און איר
אונטערגעקלאַפּט אַ ביסל,,, מ. ב. זאַביעזענטקי, די
שווערע צײַט I, וואַרשע 1887. 5. דזוו קלאַפּן,
שלאָגן. א, די זײַטן. א, אַן אויג, די אויגן.
,,האָט זיך נעכטן אָנגעשיכּורט און האָט שטאַרק
אונטערגעקלאַפּט זײַן [ווייַ] וועלכע איז אויך
געווען רעכט שיכּורלעך“, ייִפּאָל, 9 1890, No.
*א, מיט דער צונג = פּלאַפּלען. *א, מיט די
פֿיס צום טאַקט.

־עכן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

רק. קלאָץ וואָס מע ניצט ווי אַן

,

אָץ

— דער, ~קלעצער פּקפּ:

עצ

ונט .

אונטערשפּאַר פֿון אונטן. אַוועקשטעלן די מאַשין
אויף צוויי א'קלעצער.
ונטערקלויבן — ← אונטערקלײַבן.
ונטערקלויצען — טרוו. ־צע אונטער, ~
געקלויצעט. מג, אוקר. אַ ביסל, אויף אַ לײַכטן

אופֿן צעמישן, צעטרייסלען אַ פֿליסיקייט. א,
דאָס פֿלעשל מעדיצין פֿאַרן אײַנגעבן דעם חולה.
־עניש.
ונטערקליגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך
אונטער, זיך ~געקליגלט. צו בּיסלעך, פֿון
צײַט צו צײַט חכמהנען זיך. זוכן המצאהלעך.
זיך א, און זיך דעררעדן צו נאַרישקייטן.
־עניש.
ונטערקלײַבן — טרוו. קלײַב אונטער, ~
געקליבן. 1. צו בּיסלעך, זאָרגעוודיק מאַכן אַן
אָפּקלײַב. „דערום דאַרף מען א, אַלע יאָר צום
פֿעלד אַזעלכע מינים וואָס האָבן, אַזוי צו זאָגן,
פֿאַרשיידענע אַפּעטיטן“, ע. איזראַ פֿון פֿעלד
—   ,
צום טיש, קיִעוו 1928. 2. צונויפֿקלײַבן. „ער
האָט געדאַרפֿט פֿאָרן און בּרענגען נײַע
זעכציק קינדער וואָס מע האָט אונטערגעקליבן פֿון
די גאַסן„ פֿײַוול סיטאַ, אָט דאָס זײַנען מיר,
,
קיִעוו 1932. „די יאַטן קאָנען זיך
באַטייליקן אינעם א, אילוסטראַציעס„, ראַטנבּילדונג,
3 .6 1933, No. פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרנעמען

אונטערקלייד

זיך מיט צונויפֿקלײַבן. א, שמאַטעס, אַלטוואַרג און פֿאַרדינען אַ פּאָר אָרעמע גראָשנס.

4. צוקלײַבן, צופּאַסן (נייטיקע קוואַליטעט, מאָס, קלאַנג, קאָליר אאַ). טל. א, אַ מעלאָדיע. א אַ האַנטאַש צום קאָליר פֿון מאַנטל. א,

,

פּאַטשערקעס. „א, ליים פֿון נייטיקער קוואַליטעט קען מען לײַכט בײַ דער פּראַקטישער אַרבעט", ל פֿרימאַן, וואָס דאַ ף מען וויסן

.

וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932. „ביז מע קלײַבט אונטער פֿאַר זיי שינעלן, הויזן און שטיוול, קריכן שיִער ניט אַרויס די אויגן", ה. פּאָליאַנקער, סאָוו, היימלאַנד, 4 '1964 No.
„איך האָב גענומען א, ווערטער צו אָט דעם ריטעם", י. פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 1962, No 2.

5. אויסקלײַבן, אָפּקלײַבן. געפֿינען פּונקט דאָס וואָס מע זוכט. א אַסטראָנאַווטן צום פֿליִען

,

צו דער לבֿנה. „ווען עס גיט זיך אונדז אײַן א, נאָך אַ פּאָר מענטשן, וואָלטן מיר געקאָנט אָנפֿאַלן...,,, מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 1961,

No 3. [פֿון די ציטאַטן בײַ אַלע בבֿ זעט מען
קלאָר די השפּעה פֿון פֿילבאַטײַטיקן רוסישן
ווערבֿ [a'r] (,no.] מיט ז י ך — בֿ אויך:
אונטערקומען בשתּיקה. ־עכן. ־עניש.
־ער.
אונטערקלייד — דאָס, ־ע
1. קלייד וואָס
ר פֿקפֿ אויך מיטן
זעלביקן בֿ. א'ל
.
, א'לעך.
פֿרויען טראָגן אונטער דעם אייבערקלייד,
ספּאָדניצע. „די קליידער ווי איר האָט צוגעזאָגט
אײַער טאָכטער זאָל ניט זײַן הײַנטיקע מאָדע,
דאָס די א'לעך איז מער פֿאַר די
אייבערקליידלעך„, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844.
„איז
זי שטילערהייט אַראָפּ פֿון בעט אין איין
א'ל„, בר־כּוכבֿא, דער פֿוטער, ווילנע 1894.
פֿאַרנאַכט איז שוין רבֿקהלע געשטאַנען אין
—
א'ל און אין בלויזן העמד“, ווײַס, אַ שלעכטע
פֿרוי'. „כאַפּט אַראָפּ פֿון שטול דאָס ווײַסע

א'‘‘, אַר, 'טויטשרעק'. „ווי זי איז
אויסגעשאָסן פֿון פּסח ביז שבֿועות, געטראָגן געגוממען טראָגן
א'לעך מיט אַזעלכע ווײַסע שפּיצן‘‘, אָפּאַ, אַרום
די חורבֿות. 2. זן. יעדער מין בגד וואָס מע
טראָגט אונטער אַן אַנדערן, אַן אייבערבגד. ‘‘
אונטער דעם קאַפּטאַן האָט ער געטראָגן אַן א,
פֿון געלע זײַד„, שמואל רעססער מווילנא, רבה...,
וואַרשע 1876. ‘‘ווער פֿון אײַך האָט אַן א,
אַ ריינס, קען גיין מיט מיר‘‘, מלה, אין
ניויאָרק. א'ער = אויך: וועש.
אונטערקלייען — טרוו. קלײַ אונטער, ~
געקלייט (אויך: קלייע, ~געקלייעט).
אונטערקלעפּן, אונטערשמירן מיט קלײַ. אַ ביסל
באַדעקן מיט קלײַ; צו ביסלעך קלײַען (פֿון אונטן).
א, די טאָוולען. א, פּאַפּיר. א, די פּאָסטמאַרקע
וואָס וויל זיך ניט צוקלעפּן. פֿיג. א, דעם ריס
צווישן זיי. ־עכץ. ־עניש.
אונטערקלימפּערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געקלימפּערט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט קלימפּערן, אַרויסברענגען קלאַנגען מיט
אַ מעטאַלענער זאַך. א, מיטן בונט שליסלען.
־ניש.
אונטערקלינגלען — אוטוו. ־גל אונטער, ~
געקלינגלט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט

אַרויסבּרענגען אַ לײַכט געקלאַנג. א, מיטן גלעקל, די דינסט זאָל אַרײַנקומען. א, מיט די שפּאָרן. א, מיטן געלעכטערל. ־עניש.

אונטערקלינגען — אוטוו. קלינג אונטער, ~געקלונגען. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך קלינגען. די קלויסטער גלאָקן האָבּן אַלעמאָל אונטערגעקלונגען. „האָט אַלץ געבּושעוועט די זאַווערוכע...און ס'האָבּן אונטערגעקלונגען די צונויפֿגעשטוקעוועטע שויבּן", נ. לוריע, סאָוו, היימלאַנד, 2 1961, No. פֿיג: „געכאַפּט אַ במאַל אין בּאַק אַז סע האָט אַזש אונטערגעקלונגען", רייד. „זײַן נאָמען קלינגט שוין אונטער, מיט דער צײַט וועט ער פֿאַרקלינגען אַ וועלט,„ רייד. ־עכן. ־עניש.

אונטערקלעזמערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~געקלעזמערט. פֿון צײַט צו צײַט, מיט איבּעררײַסן זײַן אַ קלעזמער. א, נאָר ווען עס מאַכט זיך אַ נגידישע חתונה.

אונטערקלעטערן — אוטוו. ־ער אונטער, א ~געקלעטערט. 1. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט קלעטערן. א, אויף אַלע בּיימער ווי ווערוריקלעך. 2. אַרונטערקלעטערן. קלעטערן פֿון אונטן. א, אונטער דער בּריק. א, אונטער די פֿיס. א

־ניש.
אונטערקלעמען — קלעם אונטער, ~
געקלעמט. טרוו — אַ ביסל, אוי̆ף אַ לײַכטן
אופֿן פֿאַרקלעמען. א, אַ פֿינגער בײַם
פֿאַרמאַכן דאָס פֿענצטער. אוטוו, דריטפּערזאָניק
— פֿון צײַט צו צײַט האָבן געפֿיל פֿון
קלעמעניש. ס'האַרץ (אונטערן לעפֿעלע) קלעמט אונ־ א
טער. אויך מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
אונטערקלעפּן — טרוו. קלעפּ אונטער, ~
געקלעפּט. [צאָל אוקר ~קליפּן, ל2.] 1. אַ
ביסל, צו ביסלעך (צו)קלעפּן. א, די פּאָליצעס
מיט פֿאַרביקן פּאַפּיר. א, דעם אויוון מיט
ליים. א, די טאָוולען. 2. קלעפּן פֿון אונטן.
א, די אָפּגעשטאַנענע טאַפּעטן. ־עכץ. ־עניש. א
אונטערקלעצל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון
אונטערקלאָץ (←).
אונטערקלערן — קלער אונטער, ~געקלערט.
אוטוו — צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן טראַכטן,
אַ ביסל נאָכקלערן. א, יאָ צי ניט גיין צו דער א
לעקציע. טרוו — נאָך אַ ביסל דיסטילירן;
נאָך אַ קורצע צײַט לאָזן שטיין יוירנדיקן
געטראַנק אין פֿלעשער, די פֿליסיקייט זאָל ווערן
קלערער אָדער קלאָרער. א, דעם מעד נאָך
עטלעכע וואָכן.

אונטערקנאַפּלען — טרוו. ־פּל אונטער, ~
געקנאַפּלט. נעאָל. (מיט הומאָר) מאַכן
אונטערטעניק, אונטערגעוואָרפֿן, האַלטן אונטערן קנאַפּל.
א
א, דעם מאַן.
אונטערקנאַקן — קנאַק אונטער, ~געקנאַקט.
אוטוו — פֿון צײַט צו צײַט, מיט איבעררײַסן
אַרויסברענגען אַ קלאַנג ווי אַ קנאַק. א, מיט
די פֿינגער. א, מיט דער בײַטש. א, מיטן פּויק
און פֿאַרדולן דעם קאָפּ. „ער פֿלעגט זיך קוויקן,
כאַפּנדיק די גראַמען, און א, מיט דער צונג„,,
ש פֿרוג II. „די צונג אין זײַן איבערגעטריקנט
.
מויל הייבט אָן א, ווי די רעדער בײַ אַ
ניטגעשמירטן וואָגן“, בערג, בײַט דניעפּער I.

אונטערקנײַפּן

טרוו — 1. טאָן עפּעס, (האַקן, קלאַפּן,
שפּאַלטן, שלאָגן אע) פֿון צײַט צו צײַט, ווען
עס הערט זיך דערבײַ אַ קנאַק(ן). א,
ברעטלעך. א, עמעצן דעם קאָפּ. א, די ביינער.
2. אונטערטרײַבן, אונטעריאָגן מיט אַ קנאַק
פֿון עפּעס. א, דאָס פֿערדל מיט די שפּאָרן.

3. ספּעצ, וואוּיליוּנגעריש. אוּנטערשיסן, דערשיסן. א, אַ מסור. 4. פֿון צײַט צו צײַט עפּעס אַרויסזאָגן אויף אַ כוואַטסקען אופֿן. א, קאָמפּלימענטן. „וואָדעוויל־אַקטיאָרן...האָבן געטאָן אַלע דרײַ זאַכן מיטאַמאָל: אוּנטערגעקנאַקט וויצן, אוּנטערגעבּרומט אַ לידל און געטאַנצט אַ האָפּקע„, ז. זאַלאָוויץ, פֿאָר, 1963 III ײַ 19. 5. צוגנבֿענען, צולקחענען. „מײַן טײַערע פֿעדער איז אים שטאַרק געפֿאָלן, האָט ער אַזוי לאַנג געטשאַטעוועט אויף איר, בּיז ער האָט זי אוּנטערגעקנאַקט“, רייד. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

ונטערקנוטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געקנוטעוועט. פֿון צײַט צו צײַט שלאָגן, שמײַסן מיט אַ קנוט (בּײַטש). א, די פֿוילע פֿערד. א, די שקלאַפֿן.

ונטערקנוילן — טרוו. קנויל אונטער, ~ געקנוילט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט צונויפֿדרייען אין אַ קנויל. א, די קאָלדרע. א, אַלע זאַכן און זיי אַרײַנרוקן אין זאַק. מיט ז י ך — רעפֿל. זיך צונויפֿקאָרטשען ווי אַ קנויל. א, זיך פֿון קעלט (אין בּעט) און מאַכן פֿון זיך אַ בּייגל.

ונטערקנורע(נע)ן — אוטוו. ־רע אונטער,

~געקנורעט. לד. אונטערבורטשען, אונטערוואָרטשען; פֿון צײַט צו צײַט זיך באַקלאָגן אויף אַ וויינענדיקן אופֿן. א, ווי אַ קאָטער. א, מיטן אַלטן אָנצייענרדיקן מויל. „די אַלטיטשקע קנורעט אונטער, ווען זי איז אומצופֿרידן“, רייד. ־עניש.

ונטערקניבלען — אוטוו & טרוו. ־בל אונטער, ~געקניבלט. לר. צו ביסלעך פֿון צײַט צו צײַט קניבלען, גראַבלען, ראָיען מיט אַ פֿינגער. א, אין נאָז. א, ד י [= דאָ] ווייכע פֿון ברויט.

ונטערקנייטשן — טרוו. קנייטש אונטער, ←געקנייטשט. 1. אַ ביסל (צע)קנייטשן. פֿאַרבייגן פֿון אונטן. א, די נײַע הויזן. א אַ

זײַטל פֿון בוך. 2. וואויליונגעריש. אויף גיך אויפֿעסן. א, אַ גאַנצן לאַבן ברויט. מיט ז י ך — זיך אונטערבייגן, זיך מאַכן קליין; אַרויסוויַיזן אונטערטעניקייט. זיך א, פֿאַרן גבֿיר, פֿאַרן פּריץ. ־עניש.

ונטערקנײַפּן — טרוו קנײַפּ אונטער, ~ געקנײַפּט, ~געקניפּן. 1. פֿון צײַט צו צײַט קנײַפּן. דעם מלמדס טבֿע — אונטערצוקנײַפּן די באַקן. 2. קנײַפּן בשתיקה. צוקומען

שטילערהייט און א, אין (דעם) הינטן. 3. קנײַפּן
אַ ביסל, עס זאָל ניט וויי טאָן צו שטאַרק.
א, דאָס קינד, ווען עס זאָגט אַ חכמהלע. אַ
סגולה: „אַז אַ קינד חלשט, דאַרף מען עס
א, אין הינטן„. מיט ז י ך — קזוו. זיך
לאַשטשען און זיך א'.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערקניסענען

אונטערקניסענען — טרוו. ־סע אונטער, ~
געקניסעט. אויך: ~קנישענען. לר (קאָוונע,
שאַוול אאַ) < ליט. אין אומאָרדענונג
אונטעררוקן, אַרײַנרוקן עפּעס פֿון אונטן. א, וועש
אונטערן צוקאָפּנס.
אונטערקנעטן — [פּד, לאַנגע I טרוו. קנעט
אונטער, ~געקנאָטן, ~געקנעטן, ~געקנעט.
1. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן קנעטן. א,
די בלאָטע מיט שווערע פֿ ס. 2. נאָך אַ ביסל
קנעטן. א, טייג עס זאָל ווערן פּוכקער. 3. גראָב.
א, די מוידן הינטערן אויוון. ־עכ ן. ־עניש.
אונטערקנעכט — דער. מצ ווי אצ. וונ נב.
אַ קנעכט וואָס האָט איבער זיך אַ קנעכט פֿאַר

אַן עלטסטן. די מערכה פֿון אַן א, בײַ אַ
קנעכט. „דער שׂר המשקים און שׂר האופֿים
אונטר קנעכט האבן אונד ניט זעלבשׂטן דען
דינשׂט פֿר זעהן„, ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבז,
תּורת משה, קאַרלסרוע 1770. ־יש — אַדי.
אונטערקנעלן — טרוו. קנעל אונטער, ~
געקנעלט. [נאָר דער לימוד אין אַקוזוו, די
פּערזאָן בלויז מיט דער פּרעפּ מ י ט.] 1. צו
בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט קנעלן, לערנען
מיט אַנדערע. זיך באַשעפֿטיקן מיט מלמדות
ווי מיט אַ בײַפּרנסה. צו אַלע אַנדערע פּרנסות
א, אויך. שטודירן אויף מעדיצין און א,
העבּרעאיש. א, מיטן גראָבן קאָפּ די פּרשה חומש.
א, אין דאָרף אַ פּאָר זמנים. „לעת־עתּה קנעלן
זיי אונטער, וואָרעם אַזוי פּאַסט עס זיי„, ממום,
'די אַנטדעקונג פֿון וואָלין'. „און דערפֿאַר האָט
ער אונטערגעקנעלט מיט מײַנע טעכטער“, שע,
טבֿיה. 2. אײַנרעדן, אײַנטענהן. „מיר קומט
אויס אונטערצוקנעלן, אָבער זי גיט נאָך„, י.
קאַצאַוויטש, 60 יאָר לעבן. 3. צוהאָרעווען,
אונטערהאָרעווען. „מע דאַרף גוט א, צו
פֿאַרענדיקן די אַרבעט צו דער צײַט“, רייד.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערקנעפּל — דער, ־עך. וונ ־פּלטע. (

שפּאַסיק) וועגן אַ בייזן, שלעכטן געהילף פֿון אַ
פּאָליציאַנט, נאַטשאַלניק, מלוכה־באַאַמטן אע.
אונטערקנעפּלען — טרוו. ־פּל אונטער, ~
געקנעפּלט. 1. קנעפּלען, פֿאַרקנעפּלען פֿון
אונטן. א, דעם מאַנטל, די הויזן. 2. באַגרינדן,
מאַכן האַפֿטיקער. א אַ גבֿית־עדות מיט נאָך
,

באַווײַזן. מיט ז י ך — אויך: זיך צוגרייטן,
צונויפֿנעמען די כּוחות, זיך אונטערגאַרטלען,
זיך אָננעמען מיט מוט. א, זיך צום פֿאַרהער,
צום פֿאַרמעסט.
אונטערקעטשקען זיך — אוטוו. ־קע זיך
אונטער, זיך ~געקעטשקעט. (מיט ביטול)
אונטערלאַשטשען זיך (צו עמעצן) מיט חניפֿה.
א, זיך צום ברוגזן מאַן.
אתטערקעכין — די, ־ס. אַרויסהעלפֿערין
פֿון דער הויפּטקעכין. „די צווייטע, די א',
בראָקט לאָקשן אויף מאָרגן“, פּרץ, 'דאָס
אָרעמע ייִנגל'.
אונטערקעכלען — טרוו. ־כל אונטער, ~
געקעכלט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
קעכלען, פֿאַרזאָרגן מיט ספּעציעל גוטע שפּײַזן.
א, דעם מאַן. אין דחקות קוים קענען א,

דאַס קראַנקע קינד. 2. קעכלען בשתּיקה. א,
דעם זעלנער וואָס קומט אַרײַן אין קיך. ־עניש.

77□

אונטערקעלער — דער, ־ס. קעלער פֿון
אונטן, אונטער אַן אייבערשטן קעלער. אין
פֿײַכטן און פֿינצטערן א'. „אינעם א, האָבן
געאַרבעט בײַ ליכט...יאָסל און דער
געוועזענער מעטראָנפּאַזש אין דער טיפּאָגראַפֿיע“,
בערג, בײַס דניעפּער II. ־דיק — אַדי.
אונטערקעמען — טרוו. קעם אונטער, ~
געקעמט. 1. פֿון צײַט צו צײַט אַ ביסל קעמען,
פֿאַרקעמען (די האָר). א, די קינדער פֿאַרן
גיין אין שול. יעדע ווײַלע איבערײַסן דאָס
נייען און א, די האָר. 2. קעמען פֿון אונטן,
פֿון הינטן. א, די האָר אויף אַרויף, אין אַ
קאָקס. 3. צײַטנווײַז טאָן אַן אַרבעט, וואו
עס קומט אויס צו רייניקן פֿעדעמדיקן
מאַטעריאַל אָדער אַרבעטן מיט אַ קאַם. א, פֿלאַקס.
א, וואָל. מיט ז י ך — רעפֿל. ־ונג. ־עכ□ן.
־עניש.
אונטערקעפּל — דאָס, ־עך. פֿקפּ פֿון
אונטערקאָפּ ←. אונטערטיטל. „פֿאַרן פֿעלן פֿונעם

א, אין דער איצטיקער אויסגאַבע ווערן מיר
קאָמפּענסירט מיטן נײַעם נאָמען,,, שנ,
דערציילערס און ראָמאַניסטן II. ,,איז אים
אײַנגעפֿאַלן אַ זעלטן קעפּל פֿאַר זײַנע שורות...און
אַן א',,, בערג, בײַס דניעפּער II. ,,אונטערן טיטל
איז פֿאַראַן אַן א', אַ פּסוק פֿון אַ תּפֿילה,,,
מ. וו. בערנשטיין פֿאָך, 25 X 1964.

,

אונטערקערן — טרוו. קער אונטער, ~
געקערט. 1. אַ ביסל (צו)קערן, אָפּרייניקן דעם
דיל, באָדן פֿון שטיב, מיסט אע. א, די
פּאָדלאָגע מיטן בעזעם. ,,אַ ווינט האָט זיך
אַרײַנגעריסן אינעם זומערגאָרטן...אונטערגעקערט די
ווײַסע אַלייען,,, נאַטע לוריע, סאָוו, היימלאַנד,
2 .2 1962, No. קערן פֿון אונטן. א, מיסט
פֿון אונטעד דער קאַנאַפּע. 3. אַרונטערשאַרן.
א, ס'מיסט אונטער דער רעדנע. 4. קערן
זעלטן, נאָר פֿון צײַט צו צײַט. נאָר פֿרײַטיק
א, די שטוב.
5. אומדרייען, אונטערבייגן. אויסדרייען. א,
די פֿיס אונטער זיך. ,,ער האָט טאַקע שיִער
ניט אונטערגעקערט דעם קאָפּ אַרויסגייענדיק,
וואָרעם ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעשטויסן
אויף דער רביצין‘‘, ש. וואָלצענאָק, רבי

יוחנטשע, וואַרשע 1883. 6. דזוו אונטערקאַשערו.
א, די לאַנגע אַרבּל. מיט ז י ך — סל. נר.
זיך אונטערדרייען. [פֿאַרטײַטש פֿון ־קBe'no
e[ו]. „ער וועט זיך מיר א', וועל איך
אים ווײַזן!“, רייד.
־עכן. ־עניש. ־ער (־ין —קע).
־ערײַ.
אונטערקערסער — דער, ־ס (אויך מצ ווי
אצ). 1. אונטערשטער טייל פֿון (
מענטשלעכן) קערפּער. בּויך. הינטערחלק. אַ
שטאַרקער ווייטיק אין א'. 2. קליינער טייל לגבּי
דעם קערפּער ווי אַ גאַנצקייט. „יעדע מינדסטע
בּאַוועגונג קען נאָר אויסגעפֿירט ווערן פֿון
...
קערפּער אַליין וואָס שטעלט זיך צונויף פֿון
מיליאָנען א'(ס)“, ייִפֿאָל, 11 1883, No. ־דיק
— אַדי.
אונטערקראַטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער,
~געקראַטעוועט. מאַכן אַ בּיסל קראַטעס,

גראַטאונטערקרײַזלען

קעס (פֿון אונטן). א, די פֿענצטער. א, די

פּאָליצעס.

אונטערקראַן — דער, ־ען. קראַן פֿון אונטן. הייס וואַסער פֿון א'.

אונטערקראָפּ — דער. מצ7 נידעריקערער, צווייטער קראָפּ אונטער דעם אייבערשטן (בײַ אַ פֿויגל). אַ פֿעטע גאַנדז מיט אַ קראָפּ און אַן א'.

אונטערקראַצן — טרוו. קראַץ אונטער, ~ געקראַצט. 1. אַ ביסל קראַצן, אָפּקראַצן פֿון אויבנאויף. קראַצן פֿון אונטן. א, די וואַנט פֿאַרן אויסווײַסן. א, דאָס טעפּל. א, דעם קאַרגון און געפֿינען בײַ אים אַן אוצר. 2. קראַצן פֿון צײַט צו צײַט. א, דעם פֿאַרד, די פֿרישטשיקלעך אַזוו. א, אַ וואונד. 3. במקום־ווערב פֿאַר טואונגען וואָס דערמאָנען אין קראַצן און ווערן דורכגעפֿירט שלעכט. א, אויפֿן פֿידל. א, דעם נאָמען. א, [אונטערהובלען] אַ ברעט. מיט ז י ך — א, זיך ווי אַ שיכּורער. שטיין מיטן היטל אין האַנט און זיך א'. ״נו, ריר זיך, קראַץ זיך שוין אונטער, אַלע וואַרטן אויף דיר,,, רייד. אויך: זייער פֿאַמעלעך אַרבעטן.

־עכ ן. ־עניש.

אונטערקראַקען — אוטוו. ־קע אונטער, ~ געקראַקעט. אַ ביסל, אויף אַ לײַכטן אופֿן

אַרויסבּרענגען די קלאַנגען קראַ־קראַ. א, ווי אַ ראָב (וואָראָנע). א, ווי אַן אַלטע מכשפֿה. ־עניש.
אתטערקריגן — טרוו. קריג אונטער, ~ געקריגן, ~געקראָגן. אַרײַנקריגן אין די הענט, מאַכן אונטערטעניק, קליינקריגן. „וואַרט נאָר, איך וועל דיך שוין א'!„, רייד. „אַז מע וועט א', קריגט מען אַליין אין די ציין„, רייד.
אונטערקריגן זיך — קזוו. קריג זיך אונטער, זיך ~געקריגט. 1. אַ ביסל זיך קריגן. „די פּנימער פֿלאַמען, די אויגן ברענען. מע הייבט זיך אָן א'", שע, קאָמעדיעס. "זיך אונטערגעקריגט מיט די תּהילים־זאָגערס אַז זיי דרימלען און קראַצן זיך מער ווי פֿל זיי זאָגן תּהילים„, חג, טמז, 2 .17 ◻ II 1964. זיך קריגן פֿון צײַט צו צײַט. „דאָך זײַנען זיי געבליבן נאָענטע פֿרײַנד און צײַטנווײַז זיך אונטערגעקריגט„, חג, טמז, 13 XI 1964. —עניש. ־ערײַ.
אונטערקרײַדן — טרוו. קרײַד אונטער, ~ געקרײַדט. 1. אונטערשמירן מיט קרײַד. א, די בענקלעך אין קלאַס. 2. אונטערצייכענען מיט קרײַד. א, די אַרבל.
אונטערקרײַדיק — אַדי. נעאָל. וואָס געפֿינט זיך אונטער אַ שיכט קרײַד. א'ע שטיינער. א'ע ע פּ אָ כ ע — (געאָלאָגיע) עפּאָכע ווען די

אונטערשטע שיכט קרײַד האָט זיך פֿאָרמירט.

אונטערקרײַזלען — טרוו. ־זל אונטער, ~ געק▯רײַזלט. 1. אַ ביסל, אויף אַ לײַכטן אופֿן קרײַזלען. א, די האָר, מאַכן אַ ביסל לאָקן▯ *א, די פּאות — פֿאַרדרייען די פּאות אין אַ

לאָק. 2. מאַכן קרויזן, קרײַזלעך פֿון אונטן. א, די צעפּ. 3. אונטערשטרײַכן מיט אַ געקרײַזלטער ליניע. א, די וויכטיקסטע ווערטער. 4. (טאָקערײַ) מאַכן אַז פֿון אונטן זאָל זײַן קרײַזלדיק. אויסקײַלעכן פֿון אויבן און א, פֿון אונטן.

אונטערקרייען

אונטערקרייען — אוטוו. קריי(ע) אונטער, ~געקריי(ע)ט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט קרייען. א, ווי אַ יונג הענדל. „אונדזער חזן קרייט שוין אונטער“, רײַך. אויך מיט ז י ך — ווי פֿון זיך, סתּם אַזוי, אָן כּוונה, אָן ציל. „דאַרונטער האָבן זיך אונטערגעקרייט הענער, אונטערגעווײנט זייגעדיקע קינדער“, אמך, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. טרוו — דזוו אויסקרייען. א אַן ענטפֿער אַז מע וויל ניט.

'

־עניש.

אונטערקריכן — אוטוו. קריך אונטער, בּ י ן ~געקראָכן. [ה אָ בּ אין לר און אויך זעלטענער אין אוקר.] 1. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט זיך בּאַוועגן קריכנדיק. נאָך קיין יאָר ניט אַלט, ער קען בּלויז אַ בּיסל א'. 2. זיך בּאַוועגן פּאַמעלעך. דער זייגער קריכט אונטער = שפּעטיקט זיך. די בּאַן קריכט אונטער ווי אַ טשערעפּאַכע. 3. צוקומען, אונטערקומען קריכנדיק. אונטערפּויזען. דער קאַליקע וועט א, צו אונדז. א, צום שׂונאס פּאָזיציע. 4. אָנקומען, צוקומען מיט הכנעה, קריכעריש. א, צום פּריץ. *א, אונטער דער הויט = זיך מיִען צו ווערן ליבּ, גאָר נאָענט. *א, אונטער די נעגל = אומאיידל אַרײַנקריכן אין אינטימע ענינים. 5. אַרונטערקריכן. א, אונטערן טיש, בּעט. 6. טאָן, אַרבּעטן זייער פּאַמעלעך. „הערט אויף א', די צײַט שטייט ניט!„.

־עניש.

אונטערקריכער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס בּאַנעמט זיך אָן ווערדע, גלײַך ער וואָלט געקראָכן אויף אַלע פֿיר; חונף, אונטערלעקער. „אַזאַ א, גילט מער ווי אַ מאַן

מיט כאַראַקטער, קענטשאַפּט און וויסן", בּ. פּײַגענבּוים איבּז, בּעבּעל, די פֿרוי און דער סאָציאַליזם, נ"י 1911. ־ערײַ.

אונטערקרימען — טרוו. קרים אונטער, ~ געקרימט. 1. אַ בּיסל מאַכן קרום, שיפּוע. א, די אָפּצאַסן. א, די שיך פֿון לאַנגן ניצן. 2 פֿון
.
צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך אויסקרימען, בּבּ 3־4 (←). מיט ז י ך — אַ בּיסל, פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרקרימען זיך. א, זיך ווען מע הייסט עפּעס טאָן. ־עניש.

אונטערקריצן — טרוו. קריץ אונטער, ~ געקריצט. 1. אַ בּיסל, צו בּיסלעך קריצן פֿון אונטן, מאַכן מיט שאַרפֿן אינסטרומענט אײַנשניטן אין מעטאַל, שטיין (אויך האָלץ). א, אַן עמבּלעם, אַ סימן. א, די איניציאַלן. 2 פֿון
.
צײַט צו צײַט קריצן. א, מיט די ציין. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערקרעכצן — אוטוו. קרעכץ אונטער, ~געקרעכצט. אויך: ~קרעכצען. 1. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען אַ שטילן קרעכץ. א, בּײַם דאַווענען, בּײַם זאָגן תּהילים. א, פֿון ווייטיק, פֿון תּענוג. א, בּײַם

עסן. א, ווי אַ ייִדענע, ווי אַ ייִד אַ זקן. ,,ער האָט מער אונטערגעקרעכצט ווי זיך צוגעהערט צו די קלוגע רייד‘‘, חג, 'שטומער מנין,. ,,זי קרעכצט אונטער און קאָכט וועטשערע,,, פֿוול = מען איז שלאַף, ניט־געזונט, מע האָט צרות — אָבער מע בלייַבט בייַם נאָרמאַלן גאַנג פֿון לעבן.

78()

2. פֿון צייַט צו צייַט אַרויסגעבן קלאַנג(ען), ענלעך צום זיפֿצן. ,,דער בוים קרעכצט אונטער פֿון די קלעפּ און פֿאַלט מיט אַ הילך‘‘, רייד. ,,די רעדער פֿון דער פֿור קרעכצן אונטער שטילערהייט‘‘, שע, פֿון כּתרילעווקע. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערייַ.
אונטערקרעלן — טרוו. קרעל אונטער, ~ געקרעלט. אונטערקראַצן מיט נעגל. א, בלוטיקע צייכנס אונטער די אויגן.
אונטערקרעמפּירן זיך — אוטוו. ־פּיר זיך אונטער, זיך ~(גע)קרעמפּירט. זיך שטערן, זיך פֿילן ניט פֿרייַ (צו טאָן, ריידן אָדער בעטן עפּעס). זיך אונטערשעמען; זייַן געצוימט. א, זיך צו בעטן אַ הוספֿה. א, זיך אין דער

געזעלשאַפֿט פֿון מיידלעך. א, זיך ווען מען איז צו גאַסט.

אונטערקרעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע אונטער, ~געקרעמפּעוועט. שטאַרק, פֿעסט אַרומביגדן מיט שטריק פֿון אונטן. א אַ פּליט.

,

א אַ צעפֿאָרענע בעט.

,

אונטערקרענקען — אוטוו. קרענק אונטער, ~געקרענקט. 1. צו ביסלעך ווערן אַלץ מער און מער קראַנק. „איז זי געלעגן טאָג ווי נאַכט, געוויינט אויף אירע יאָר, ביז זי האָט אָנגעהויבן אונטערצוקרענקען פֿריִער פּאַוואָ,

לינקע, נאָכדעם שטאַרקער און שטאַרקער", שע,

אײַזנבאַן־געשיכטעס. „איידער [ע] האָט נאָך רעכט געהערט פֿון דער שנור אַ 'קול באשה', האָט זי גענומען א'", מ. דלוזשנאָווסקי, פֿאַש, 2 .2 1953 I. אַ לענגערע צײַט זײַן קראַנק (אָבער ניט אין אַ מסוכּנדיקן צושטאַנד). א, נאָך דער חתונה. א, אויף דער עלטער. „אין די שפּעטע פֿופֿציקער האָט ער שוין גענומען א', אײַנגעפֿאַלן פֿון צײַט צו צײַט", פּ. רודאָי, טמז, 3 .20 1964 XII. אונטערזינדיקן. א,

מיט שרײַבן לידער, מיט שפּילן טעאַטער, מיט מאָלן אע. ־עניש.

אונטערקרעפּ(י)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אונטער, ~געקרעפּ(י)עט. סל. אונטערפֿעסטיקן. אײַנמאָצעווען. א, די באָמבאַרדירטע בריק. א, דעם 'פּאָדוואַל, (מיט בעלקעס, אײַזערנע שינעס אע). א, די דעקאָראַציעס. א, די רושטאָוואַניע. מיט ז י ך — רעפֿל. א, זיך מיט אַ פֿאַנקוכן אויף 10 אייער און פֿאַרבײַסן מיט אַ קורטשענטע.

אונטערקרעפֿטיקן — טרוו. ־טיק אונטער, ~געקרעפֿטיקט. 1. צו ביסלעך, ביסלעכווײַז מאַכן שטאַרק, צוגעבן מער כּוחות. א, נאָך אַ קראַנקייט מיט גוטער נערונג. 2. צוגעבן מוט, אויפֿמונטערן צו ביסלעך. א, מיט אַ גוט וואָרט. 3. אונטערפֿעסטיקן.

אונטערמאָצעווען. א, די אײַנפֿאַלנדיקע וואַנט. א, דעם פֿראָנט מיט אַ נײַעם באַטאַליאָן. א, די באַשולדיקונג מיט נײַע באַווײַזן. מיט ז י ך. ־ונג.

אונטערקרעקען — אוטוו. קרעק(ע) אונטער, ~ געקרעק(ע)ט. פֿון צײַט צו צײַט זיך פֿאַרהאַקן בײַם רעדן, אַרויסברענגען ווערטער אָפּשטעלנדיק זיך, אַ ביסל צוזינגענדיק אָבער מיט אַ געשטיקטער שטים. [עס שאַפֿט זיך דער אײַנדרוק אַז מע הערט צווישן די ווערטער די

קלאַנגען קר־קר.] „האָט...ער גענומען א, און
מיט אַ מגידישן ניגון דערציילט אַ משל„,

אונטערראַמען

חג, די ישיבֿה. אויך מיט ז י ך. זיך א,
מיט אַ ביסן.
אונטערקרקע — [...קאַרקע] די, ־ס. סטוטש,
251. דזוו אונטערערד ←.
אונטערראָד — די, ~רעדער. פֿקפֿ: ~רעדל.
ראָד פֿון אונטן. א, אין אַ מאַשין.
אונטערראַדזשען — אוטוו. ־דזשע אונטער,
~געראַדזשעט. פּר. אונטערעצהן. אונטערראָטן.
מיט ז י ך — קזוו.
אונטערראַדעווען זיך — אוטוו. ־דעווע זיך
אונטער, זיך ~געראַדעוועט. אוקר. צו ביסלעך,
פֿון צײַט צו צײַט זיך באַמיִען עפּעס
אײַנצושפּאָרן אָדער עפּעס צו באַקומען. זיך א,
אויף מציאות און ווערן אָפּגענאַרט. זיך א,
אויף אַן אומזיסטיקן בילעט צו דער פֿאָרשטעלונג.
אונטערראַזירן — טרוו. ־זיר אונטער, ~(גע)־
ראַזירט. דזוו אונטערגאָלן. אויך מיט ז י ך.
־דנ.
אונטערראָט — דער, ־ן. אָנפֿירערשאַפֿט,

ראָט, וועד פֿון אַ נידעריקערער אינסטאַנץ.
אייבערראָט און א, פֿון דער קהילה־פֿאַרוואַלטונג.
אונטערראָטן — אוטוו. ראָט אונטער, ~
גערעָטן. 1. [פֿערזאָן אין ד אַ ט י ו ו] צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט ראָטן, עצה(נע)ן. א, און ניט זײַן גאַנץ זיכער אין דער עצה. 2. ראָטן שטילערהייט אַזוי ווי בשתּיקה. א, דעם שותּף, ער זאָל אַרויס פֿון דער שותּפֿות. א, אַ גאַנג בײַם שפּילן שאָך. אויך מיט ז י ך.
אונטערראַטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געראַטעוועט. צו ביסלעך שטיצן, געבן אַ ביסל הילף (וואָס קען ניט באמת ראַטעווען, אָבער איז דאָך גוט פֿאַר חיי־שעה). א, וואָס עס לאָזט זיך. א, די הונגעריקע יתומים מיט אַ ביסל ברויט. א, עמעצן אין אַ פֿאַרלעגנהייט. אויך מיט ז י ך.
אונטערראַטשקעווען — אוטוו. ־קעווע אונטער, ~געראַטשקעוועט. אוקר. צו ביסלעך קריכן מיט שווערער מי (וועגן די קינדער וואָס קענען נאָך ניט גיין, אויך וועגן בעלי־חיים). אויך מיט ז י ך, מיטן זעלביקן ב.
אונטערראַיאָ'ן — דער, ־ען. קלענערער טייל פֿון אַ גרעסערן ראַיאָן (אין אַן אַדמיניסטראַטיווער אײַנטיילונג). נעמען אויף זיך

צו קריגן שטימען פֿון גאַנצן א'. ־יק — אַדי.
אונטערראָיען — טרוו. ־יע אונטער, ~
גערעאָיעט. צו ביסלעך גראָבן פֿון אונטן. א,
ווי אַ מוילוואָרף. א אַ שטיק פֿעלד. ←
און,
טערגראָבן. א, דעם פֿאַראיין. מיט ז י ך —
דזוו אונטערגראָבן זיך, נאָר שאַרפֿער, מיט
בײַטעם פֿון ביטול. זיך פֿאַרנעמען מיט
אינטריגעס און א, זיך. ־עניש.
אונטערראָמאַנסירן — אוטוו. ־סיר אונטער,
~ראָמאַנסירט. צו ביסלעך פֿון צײַט צו צײַט
,
פֿלירטעווען, שפּילן אַ ליבע. א, מיט אַלע
מיידלעך אין שטעטל.
אתטערראַמען — טרוו. ראַם אונטער, ~
געראַמט. פּפֿ: ~ראָמען, ~רוימען. 1. צו
ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט מאַכן אָרדענונג,
רייניקן. אַ ביסל צוראַמען. כאָטש א, די שטוב

אונטערראַנגלען זיך

איידער עס קומען געסט. 2. רייניקן פֿון
אונטן. א, אַ קראַנקן. „זי טויג דאָך ניט אַ
קינד אונטערצוראַמען“, א. סאַפּיר, דער קליינער

קאַטערזניק, ווילנע 1883. „ער וועט פֿאַרקאָכן
אַ קאַשע, אָנמאַכן אַ סקאַנדאַל — און איך
דאַרף עס אַלץ א'?“, רייד ־עכ ן. ־עניש.
.
־ער.
אונטערראַנגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך
אונטער, זיך ~געראַנגלט. 1. קזוו. פֿון צײַט
צו צײַט זיך פֿאַרמעסטן מיט די כּוחות אין
אַ שפּאַס אָדער אויף ערנסט. זיך קריגן, זיך
אַמפּערן. „בײַ ז אַ שפּיל אַזאַ: זיך א, און
יי
זיך צעמזיקן“. א, זיך מיט שטעכווערטלעך,
מיט אַרײַנזאָגענישן. א, זיך מיט דער פּרנסה.
2. אַ ביסל זיך קווענקלען, ניט קענען גלײַך
אָננעמען אַ באַשלוס; זיך שלאָגן מיט דער
דעה. ער דאַרף זיך נאָך א, ביז ער וועט זאָגן
יאָ אָדער ניין. ־עניש.
אונטערראַנטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער,
~געראַנטעוועט. פּפּ: ~ראַנדעווען. (
סטאָליערײַ) אונטערהובלען, עס זאָל ווערן אַ
האַלבקײַלעכדיקער ראַנד. א, די מיטלסטע ברעטער.
אונטערראָסטן — ראָסט אונטער, ~געראָסט.
אוטוו — ווערן צו ביסלעך באַדעקט מיט ראָסט,
זשאַווער. די בלעכן הייבן שוין אָן

אונטערצוראָסטן. די ביינער ראָסטן אונטער אויף
דער עלטער. טרוו — מאַכן עס זאָל נעמען
אַ ביסל זשאַווערן. „וואָס טוסטו? לייגסט דעם
אײַזן אין וואַסער — ווילסט אים א'?„ רייד.
אונטערראָק — דער, ~רעק. פֿקפֿ: ~רעקל.
פֿרויאישער מלבוש וואָס ווערט געטראָגן פֿון
אונטן אונטער דעם אייבערשטן קלייד.
געוויינלעך איז אַן א, פֿון דער טאַליע אָן און
אַ ביסעלע קירצער ווי דאָס אייבערשטע קלייד.
אַן א, מיט שפּיצן וואָס זעען זיך אַרויס.
אַ וואַרעמער א, אויף ווינטער. אַ לײַכטער
ווײַסער א, אויף זומער. „אַ קלייד מיט אַ
לאַנגער שלעפּע, וואָס מע מוז אַזוי שיקלעך
טראָגן אין דער האַנט אַז מע זאָל דעם
יצרהרע־א, אַרויסזען,„ יהל, די ערשטע ליבע,
וואַרשע 1881. „זי האָט געטראָגן אַ שיין
געבלימט און קורץ קלייד מיט אַ שטײַפֿן א'“,
טמז, 10 1963 III. *זי איז שוין (וועט באַלד זײַן)
אין א, = וואוילזונגערייש מע וועט בײַ איר
פּועלן.

אונטער־ראָש־ישיבֿה — דער, ־בֿות. סגן,
געהילף פֿון ראָש־ישיבֿה. אַ גרויסע ישיבֿה

מיטן באַרימטן ראָש־ישיבֿה און מיט צוויי
א'־ר'־י'בֿות פֿון דער עלטערער כיתּה דער
.,,
מלמד, ער איז דער הויפּט־ראָש־ישיבֿה, און
פֿון דער קלענערער איז אַן א'־ר'־י', ממוס,
שלמ.

-

אונטער־רבֿ — [...ראָוו] דער. מצ נבֿ.
שפּאַסיקע באַצייכענונג פֿאַר אַ קאַנדידאַט אויף
רבנות וואָס איז נאָך קיינמאָל קיין רבֿ ניט
געווען. [אַן ערך דאָס זעלביקע וואָס אין ווש
'ערבֿ־רבֿ, פֿאַר דער זעלביקער פּאָזיציע און
סיטואַציע.] ,,ער ווייס אַז אַ רבֿ באַדאַרף אַ
רביצין, האָט ער אויף גיך חתונה געהאַט.
קיין רבֿ איז ער נאָך ניט געוואָרן, ער איז
דערווײַל אַן א'־ר',,, פּבֿ.

781

אתטעררודערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~
גערודערט. 1. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן
פֿירן מיט ווערסלעס אַ שיפֿל. זיך בײַטן מיט

די ערטער אין שיפֿל און א'. 2. צורודערן, פֿאַרענדיקן רודערן. נאָך אַ ביסל א, ביז מע קומט נענטער צום ברעג. ־ניש. א

אונטעררוזשן — טרוו. רוזש אונטער, ~ גערוזשט. אַ ביסל באַשמירן מיט רוזש, שמינקע. א, די באַק. „אַקטריסעס האָבן אונטערגערוזשט די באַקן און געהאַט טענות וואָס זיי קריגן נישט די ריכטיקע ראָלן„, באַש, פֿאָר, 20 1965 III.

אונטעררויטלען ־י־לט. פּפֿ: ~רייטלע־ א — אוטוו. ־טל זי

אונטער, זיך ~גערויט זיך. אַ ביסל ווערן רויט, באַקומען אַ לײַכטן צופֿלוס פֿון בלוט אין פּנים. א, זיך ווי אַ שעמעוודיק מיידל. א, זיך פֿון בושה.

ער, ~

גערויכערט. פּפֿ: ~רייכערן ←. 1

. רויכערן

אונטעררויכערן — טרוו. ־ער אונט

פֿון צײַט צו צײַט, ניט שטענדיק. „ער האָט שוין אַוועקגעוואָרפֿן, זאָגט ער, דאָס רויכערן. ער רויכערט נאָר אונטער איין פּאַפּיראָסל נאָכן עסן“, רייד. 2. נאָך אַ ביסל רויכערן בײַם צוגרייטן שפּײַז. אונטערוויאָנדזלען. א,

הערינג(לעך), ווײַל זיי זײַנען נאָך האַלבֿ־רוי.
3. רויכערן אַז דער רויך זאָל קומען פֿון אונטן פֿאַרטרײַבֿן מיט רויך. א, די וואַנצן.
.
א, דעם שׂונא מיט גיפֿטיקע גאַזן. *א אַ
,
חולה = אויסרויכערן פֿון אים זײַן חולאת [מיט דער פֿאָרשטעלונג אַז אַ קרענק איז אַזוי ווי אַ שד, אַ מין דיבוק וואָס איז אַרײַן אין מענטשן; קען מען און דאַרף מען אים אַרויסטרײַבֿן מיט רויך. אויף דעם סמך אויך די באַבֿסקע רפֿואה פֿאַר אַ קראַנק קינד אין דאָס ווײַטערדיקע]. „אָפּקאָכן אַ ביסל מיאַטקע אָדער א, מיט אַ ביסל האָר פֿון אַ שוואַרצן קאָטער„, דר, יעקבֿ טשערני, ייִפֿאָל, 1888, No 16.
„וויפֿל מע האָט אים נישט אונטערגערויכערט מיט ווײַרעך, ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, אָט דער שוואַרצער כּוח, דער אַנטיכריסט“, שע, אין שטורעם. *א, מיט ווײַרעך = אויך: שטאַרק לויבֿן, חנפֿענען, דינען ווי צו אַ געטשקע. „מע קניט זיך, מע בוקט זיך און מע רויכערט אים אונטער מיט ווײַרעך„, ממוס, קליאַטשע.
4. אוטוו. אָנמאַכן אַ ביסל רויך, מאַכן

רויכיק פֿאַרריכט דאָס פֿײַער, דאָס האָלץ אין
. ,,
אויוון רויכערט אונטער,,. ־ונג. ־ניש.
אונטעררוימען — דזוו אונטעררעַמען ←.
אונטעררוישן — אוטוו. רויש אונטער, ~
גערוישט. 1. אַ ביסל, לײַכט רוישן. א, ווי די
ביימער בײַ אַ קליין ווינטל. 2. אַ ביסל אָדער
פֿון צײַט צו צײַט טומלען, רוישן. ,,זאָלן די
קינדער א', זיי זײַנען דאָך קינדער“. 3. אומפּ.
האָבן אַ געפֿיל פֿון רוישעניש. עס רוישט מיר
אונטער אין איין אויער. ־עניש. ־ערײַ.
אונטעררוען — אוטוו. רו אונטער, ~גערוט.
צו ביסלעך רוען, אַ ביסל אָפּרוען. א, אין
וועג. א, און זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט.
אונטעררופּע(נע)ן — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
־פּעט אונטער, ~גערופּעט. לד. צײַטנווײַז, אַ

אונטעררוקן

ביסל רופּע(נע)ן, ניט לאָזן צו רו, באַאומרואיקן.
,,עס רופּעט מיר [= מיך] אונטער וואָס איך
קריג ניט קיין בריוו,,, רייד   פֿונדעסטוועגן
,, ▯
האָט בײַ איר אַ ביסל אונטערגערופּעט דאָס

געוויסן“, טמז, 1957 II י 2. —עניש.

ונטעררוסן — טרוו. רוף אונטער, ~
גערופֿן. 1. סל. דזוו צורופֿן. א, עמעצן וואָס האַלט
בײַם אַוועקגיין. 2. אין דער שטיל, אַזוי
ווי בשתּיקה, מיט אַ צייכן פֿון האַנט צורופֿן.
א, די שכנה און אײַנרוימען איר עפּעס אין
אויער. ~רו, דער. ־עניש.
ונטעררוקן — טרוו. רוק אונטער, ~
גערוקט. 1. צו ביסלעך צושאַרן, צורוקן מיט
לײַכטער באַוועגונג. א, אַ צעטעלע דעם
רעדנער. א, דאָס טעפּל צום פֿײַער. א, דאָס טישל
צו דער וואַנט. 2. צורוקן פֿון אונטן. א,
שפּענדלעך אין פֿײַער. א, אַ פֿוסבענקעלע.
3. דזוו צורוקן (כּדי מיט עפּעס באַהילפֿיק
צו זײַן). א, אַ שטול, אַ טישל. 4. צורוקן
נאָענט צום קערפּער. א אַ מעסער צו דער
,

ברוסט, צום בויך.

5. געבן עפּעס (צום עסן), צורוקנדיק גאָר נאָענט. א, דעם גאַסט די גרעסטע פּאָרציע. „שאָק — שאָק — מאַך איך...און רוק [דער קליאַטשע] אונטער דאָס בינטל היי האַרט אונטער דער נאָז“, ממוס, קליאַטשע. „בײַם טיש רוקט מען מיר אונטער דאָס שענסטע שטיקל פֿלייש„, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ.

6. געבן עפּעס אַזוי ווי בשתּיקה אָדער מיט רחמנות, מיט ביטול. א, אַ נדבֿה. א, דעם יתום אַ פּאָר אַלטע הײַזלעך פֿון אַ שטיקל חלה .„

וואָס מע פֿלעגט אים א, איז ער געוויינטלעך אויף אַ געוויסער צײַט געוואָרן גוט„, ממוס, ווינטשפֿ. „דער פויער וואָס זיצט ניט ווײַט רוקט אים אונטער עפּעס פֿון זײַן באַשיידענעם וואַרמעס“, מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No.

7. געבן בשתּיקה עפּעס וואָס מע טאָר ניט. א, כּאַבאַר. א, דעם נײַעם פּריסטאַוו אַ קערבל אין (דער) יד אַרײַן. „אַז מע רוקט אונטער הינטן אַרום לעשט מען דעם צאָרן“, מס, משלי, כא, 14 ['מתּן בסתר יכפּה אָף].

8. דערלאַנגען עפּעס עמעצן מיט אַ קלאָרער כּוונה; דערלאַנגען אויף צו דערזען, צו באַמערקן. א, עמעצן די צײַטונג מיט דער

שלעכטער ידיעה. "מע פֿלעגט מיר א, ווען עס האָט זיך עטוואָס געטראָפֿן אַ בלבול אויף יִידן", מאיר אחון, ספּור משני בעלי־תּשובָה, ווילנע 1896. "אָפּאַטאָשו האָט [דעם לייענער] געקענט אונטערטראָגן אָדער — א, דעם המונישן, דערבּן לשון,,, מוק, פֿאַש, 19 1954 XI.
*א אַ פֿײַג אונטער דער נאָז = כּדי צו ווײַזן

,

אַז מע וועט גאָרניט קריגן, קיין זאַך ניט אויספֿירן.

9. צובּרענגען, צופֿירן מיט אַ ספּעציעלער כּוונה. א, אַ נײַע דיוויזיע צום פֿראָנט. א, האַרמאַטן צו דער פֿאָדערשטער ליניע.

1O. אויסקאָמבּינירן אַז עמעצער זאָל עפּעס קריגן אין זײַן רשות אַזוי ווי צופֿעליק, כּדי דער וואָס נעמט עס (קריגט עס) זאָל אַרײַנפֿאַלן. א, פֿאַלש געלט. א, אַ וועקסעלע, פֿון אַ באַנקראָטשיק. א, קאָנטראַבּאַנד(ע). א אַ באָק

,

אונטעררוקן זיך

אַנשטאָט אַ ציג. א, דעם בּטלן די האַלבּ־
בּלינדע כּלה. ,,די פּאַפּיראָסניצע האָט דיר

אונטערגערוקט די טאָכטער זאָלסט איר צושטעלן
אַ בײַכל,,, חג, טמז, 10 ▯ 1964 II. *א אַ

,

גניבֿה = אַ געגנבֿעטע זאַך. *א, טרייף־פּסול
= אַזוינס וואָס קאָמפּראָמיטירט; וואָס איבער
דעם קען מען ווערן אַרעסטירט (למשל,
פֿאַרווערטע ליטעראַטור אונטער די צאַרן, אונטער
אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים).

11. אונטערהעלפֿן מיט עפּעס (וואָס איז
ניט קיין קאָנקרעטע זאַך) דורכן צורוקן, געבן
בשתּיקה. א, דעם ענטפֿער בײַם עקזאַמען.

12. געבן עפּעס עמעצן לטובֿה אָן יענעמס
בעטן (און אָן יענעמס וויסן). א, הילף. א,
אַ גוטע עצה, א אַ תּירוץ, אַן אויסרייד.

,

13. דז נאָר לרעה. ענלעך צו אונטערוואַרפֿן
(נאָר מער אַרויסגעהויבן אַז דער וואָס טוט
עס מאַכט זיך כּלא־ידע, מאַכט זיך געפּגרט).
א אַ קלאָץ־קשיא, יענער זאָל ווערן צעטומלט.

,

א, אַ בלבול. א, אַ צרה, אַ שפּ▯ל, אַ צאַצקע
(זאָל ער זיך האַלטן מיט דעם). *א, אַ
געפּגרטע קאַץ, *א, אַ חזירל = דזוו א, אַ
בלבול, אַזוינס וואָס קאָמפּראָמיטירט. פֿרגל ב8,

וואו עס רעדט זיך וועגן קאָנקרעטע זאַכן.
*א אַ פּסק־דין, אַן אורטייל — אַ פֿאַלשן,
—
,
אַ ניט־פֿאַרדינטן. „א, אים דעם פֿאַלשן
אורטייל: יענער האָט רעכט געהאַט“, י.
ראַפּאָפּאָרט, היימיש, אלול תּשי„ח. *א, פֿינף (אָדער
אַן אַנדער צאָל) יאָר — פֿאַרמשפּטן אויף פֿינף
-
יאָר תּפֿיסה.
14. דזוו בײַ בּב 11־12, נאָר אויב דער גורם
איז ניט קיין קאָנקרעטע פּערזאָן. דער מזל,
דער גורל, דער צופֿאַל רוקן עפּעס אונטער.
„אַנדערע נעמען זיך צו אַ פֿאַך וואָס אַ
קאַפּריזנער צופֿאַל האָט זיי אונטערגערוקט, און
עס טויג ניט“, פֿאָר, 5 II 1964.
15. פֿאַרשטעקן. באַהאַלטן. א, אונטערן העמד,
אונטער דער פּאַזעכע. 16. אַרונטעררוקן. א,
דעם שליסל אונטער דער טיר. א, אַ
נאַכטטעפּל אונטערן בעט.
אונטעררוקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
צושאַרן זיך: צוקומען נאָענט
אומבאַמערקטערהייט. א, זיך צום רעדל שמועסערס אויפֿן
מאַרק. זיך א, אין דער ריי און קריגן עפּעס
פֿון די ערשטע. א, זיך און אַרויסגנבֿענען אַ

בײַטל מיט געלט. „פּלוצעם רוקט זיך אונטער קאַשטאַן...איינער פֿון די שיינע בעלי־בתּישע שטאָט־הינט„, ממוס, שלמה. 2. פּאַמעלעך זיך דערנענטערן. זיך צורוקן. „גיב איך מיך אַ רוק אונטער, באַקענענדיק זיך מיט אים נענטער“, ממוס, דאָס קעלבל.

3. אונטערקומען אומגעריכט און אומגעבעטן. „רוקט זיך אונטער אַ ייִד מיט טאַשנלוחותלעך“, אַר, 'אין גאַס'. 4. אונטערקריכן. אונטערשאַרן זיך, דורכשאַרן זיך. א, זיך אונטערן פלויט.

5. זיך באַווײַזן פֿאַר די אויגן; אָנקומען, אַרײַנקומען (און אָנהייבן עפּעס צו טאָן). „די הײַנטיקע זאָלן זיך געוועגן א, מיט זייער חקירה אין יענע פֿריִערדיקע צײַטן...וואָלט פֿון ייִדן קיין זכר ניט איבערגעבליבן“, ממוס. „האָט זיך אונטערגערוקט איינער אַ בריה אַן

אונטערנעמער און האָט אויסגעטראַכט אַן אינטערנאַציאָנאַלן תּנך־קאָנקורס“, א. גאָלאָמב, היימיש, נאָוו, 1958. „און אויב דאָס איז ניט גענוג, רוקט זיך אונטער...אַ מיידל מיט אַן אוירינגל“, ב. רעסלער, טמז, 3 1960 IX. „האָט זיך אונטערגערוקט דער בחור מענדל וואָס איז

הײַנט...ניט געגאַנגען אין בית־מדרש אַרײַן,,,
מ. דלוזשנאָווסקי, פּאָר, 24 1964 IX.

6. צופּעליק אָנקומען און דורכדעם עפּעס בײַטן. ,,אַך, ווען אַ פּאָליציסט זאָל זיך דאָ א'!,,, רייד. ,,[ע] וואָלט אים זיכער געמאַכט פּאַר אַ זעלנער, ווען עס זאָל זיך ניט געווען פלוצלעם א, ביילע,,, ממוס, ווינטשפּ. 7. אָנקומען אומגעריכט. זיך באַווײַזן אין דעם קרײַז, אין דער סבֿיבֿה, און מע זאָל קענען עפּעס טאָן מיט אָדער אַדאַנק דעם (דער) וואָס האָט זיך באַוויזן. אומעטום זיך א, אומגעבעטענערהייט. ,,האָט זיך אונטערגערוקט אַ יאָלד, האָט
מען אים אַרומגעצופּט'', רייד. ,,מיט עטלעכע יאָר צוריק, בשעת דער בהלה פֿון די שקאָלעס, ווען דענסטמאָל פֿראַדל זאָל זיך א', העהע!,,, ממוס, שלמה. ,,עס זאָל זיך א, עפּעס אַ קלוגער יונג אַ דאָקטער, וואָלט עס געווען ווי געוואונטשן!,,, אַר, 'בלומען,.

8. דערנענטערן זיך פֿון אַ באַשטימטער דאַטע וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ שווערקייט. דער טערמין פֿון וועקסל רוקט זיך אונטער. דער וועקסל רוקט זיך אונטער. ,,דערצו האָבן זיך אונטערגערוקט עטלעכע אַלטע חובֿות וואָס

מע האָט געמוזט אָפּצאָלן,,, אַר, 'אין גאַס'.
,,ווען דער פּריזיוו האָט זיך אונטערגערוקט,
האָט ע״ר אַרויסגעגנבֿעט זײַן שוועסטערס נדן
און איז אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע,,, הרבֿ
העפּטערמאַן, פֿאָר, 9 .11 1964 X. דריטפּערזאָניק.
דערנענטערן זיך פֿון אַ צײַטאָפּשניט אין דעם
גאַנג פֿון דער נאַטור (מיט אַן אָנצוהערעניש
אַז עס בינדט זיו מיט אַ שווערקייט), אָדער
אין לויף פֿון געשעענישן וואָס זײַנען
אומאָפּהענגיק פֿון מענטשן. עס רוקן זיך אונטער
שווערע צײַטן. ״כ'האָבֿ מורא אַז די דריטע
וועלט־מלחמה רוקט זיך אונטער״, רייד. ,,ווען
דער קאַלטער ווינטער פֿלעגט זיך פּלוצעם א,
און עס איז קיין האָלץ ניט געווען״, אָר, 'די
לעצטע האָפֿנונג,.
1O. זיך מאַכן, צופֿעליק אונטערקומען (לטובֿה
אָדער לרעה). אַ גליק (אַ צרה) רוקט זיך
אונטער. ,,אַך, ווען עס רוקט זיך אונטער
פֿאַר פּסח אַ פֿאַרדינסטל!״, רייד. ,,פּלוצעם
האָט זיך אונטערגערוקט דער שידוך מיט
לייזער־יאַנקלען״, ממוס, ווינטשפֿ. ״איכ ער וואָלט
זיך ניט אונטערגערוקט, וואָלט זיך
אונטערגערוקט אַן אַנדער שוואַרציאָר״, אַבֿ קאַהאַן איבֿז,
קרייצער סאָנאַטאַ, נ״י 1911. ״ווער ווייס צו

וואָס דאָס וואָלט געפּירט, ווען עס זאָל זיך
ניט געוועזן א, פּלוצעם אַזוינס אויף וואָס מע
האָט זיך כּלל ניט געריכט״, ממוס, ספר הבּהמות.
11. דזוו אַרונטעררוקן זיך. זיך בּאַהאַלטן.
,,ווען עס־עס־לײַט האָבּן געזוכט ייִדן, האָבּ איך
זיך אונטערגערוקט אונטער אַ בּאַרג שמאַטעס״,
רייד. 12. דריטפּערזאָניק. צופעליק זײַן
אונטער דער האַנט. ,,האָט זיך אונטערגערוקט אַ
האַמער, האָט ער מיטן האַמער דערלאַנגט

איאו'נטעררײדונג

בּערן קאָפּ״, רייד. ,,מאַלע וואָס נאָך פאַר אַ מצווה
עס קען זיו א, אונטער דער האַנט״, פּ. רודאָי,
טמז, 28 5 ־)19 III.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערריגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~
געריגלט. פאַרמאַכן אויף אַ ריגל, צוריגלען פון
אונטן. א, די טיר. ־עניש.
אונטערריגעווען — טרוו. ־געווע אונטער,
~געריגעוועט. (שנײַדערײַ). 1. בּאַנײַען דעם
שטאָף מיט לײַוונט פון אונטן, אויף דער
לינקער זײַט (בּײַם מאַכן קאָלנערס, קליאַפּעס).
א, דעם קאָלנער. 2. צו בּיסלעך, מיט

איבעררײַסן ריגעווען. געכן דעם לערלינג
אונטערצוריגעווען. 3. דזוו פֿאַרסטריגעווען פֿון
אונטן. א, די קאַפּאָטע.

ריד▯ררידל▯ טרוו ־דל אונטער, ~
גע.
ידל
ט פּפֿ: ~ עווען. צו בּיסלעך פֿון
,
אדנט —

צײַט צו צײַט אָדער פֿון אונטן אַראָפּקראַצן
מיט אַ רידל פֿאַרטריקנטע בלאָטע. א, שניי.
אונטעררידיקירן — אוטוו. ־קיר אונטער,
~ריזיקירט. פֿון צײַט צו צײַט, צו בּיסלעך
ריזיקירן, אײַנשטעלן. א, מיט אַן אַוואַנטורע.
א, מיט עטלעכע גראָשן. א, בּײַם גיין אין
שותּפֿות. ־ונג.
אונטעררײַטשן זיך — אוטוו. ריטש זיך
אונטער, זיך ~געריטשט. פּד. אונטעררוקן
זיך. אונטערשאַרן זיך. א, זיך אויפֿן הינטן. א,
זיך ווי אַ קאַליקע.
אונטעררײַטשען — אוטוו. ־טשע אונטער,
~געריטשעט. צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן
רעווען, בּרומען ווי אַ חיה. קריכן אויף אַלע

פֿיר צווישן די קינדערלעך און א, ווי אַ לייב.
־עניש.
אונטעררײַבן — טרוו. רײַב אונטער, ~ געריבן. 1. אַ ביסל, אויף אַ לײַכטן אופֿן רײַבן די אייבערפֿלאַך פֿון עפּעס. א, די פּלייצעס מיט אַ מאָטשאַלקע. א, מיט ציטרין־אייל דאָס נײַע מעבל. 2. א, אַ מאָרדע — אויך: געבן אין מאָרדע. 3. רײַבן פֿון אונטן. א, מיט ספּיריטוס דעם קראַנקן פֿוס. 4. וואוּליוּנגעריש. עסן אַ סך. א, אַ טעלער פּעטשאַ.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
או'נטעררייד — דער, ־ן. 1. אָרגאַניזירטער שמועס (פֿראַגעס און ענטפֿערס) מיט אַן אָפֿיציעלער אָדער סתּם וויכטיקער פּערזאָן. דזוו אינטערוויו. „דר, זשיטלאָווסקי איז צום ערשטן מאָל געקומען אין מאָנטרעאַל (1910) און איך בין געגאַנגען נעמען אַן א, בײַ אים פֿאַר דער צײַטונג“, אאר, פֿאָלקטגײַסט אין דער ייִד, שפּראַך. 2. דזוו אונטערריידונג. „וואָס פֿאַר אַן א, איז געווען צווישן זיי?“, רייד.
או'נטעררײידונג — די, ־ען. [מיטן אַקצענט אויפֿן שטאַם מער דטש מ און נר.] פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטעררײידן. אינטערוויו. שמועס. „דיא גאַנצע אונטר רידונג פֿון איהם

און, דעם קיניג“, איבֿז, בן המלך והנזיר,
פּפֿדמ 1769. אורח פֿאַרטײַטשט יליץ, (משלי,
יד, 9) — א, [תּי: „פֿירשפּרעכער“]. “אָבֿער די
גאַנצע א'...איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער
יעמאָלטיקער לאַגע“, זשיט IX, נ״י 1919. „א'ען
מיט אַ ריי...פּערזאָנען“, דוד עדעלשטאַט I.

או'נטעדריידן
או'נטעררײדן — רייד (רעדסט, רעדט)
אונטער, ~גערעדט. פּפֿ: ~רעדן. אוטוו —
1. צו בּיסלעך, מיט איבֿעררײַסן רעדן, לאָזן
הערן וועגן עפּעס. „נאָך מיט אַ וואָך דרײַ
פֿריִער האָט מען אונטערגערעדט אַז עס קומט
צו פֿאָרן אַ טעאַטער„, שע, בּלאָנדזענדע שטערן.
2. צו בּיסלעך בּאַריידן, טרײַבֿן רכילות. „און
די נאָנטע שכנות האָבֿן אויף איר
אונטערגערעדט„, שע, יוגנט־ראָמאַנען. „מע רעדט
אונטער
אַז זיי זײַנען געכאַפּט, ניט פֿרום“, י. א.
קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבֿן. „אַפֿילו איצט רעדט
מען אויך אונטער אַז זי לעבֿט אַ גוטן טאָג
מיטן מאַנס אַ ייִנגערן בּרודער“, מ. בּלינקין,
קאָרטנשפּיל, נ„י 1924.
טרוו — 1. אײַנריידן, צוריידן עמעצן עפּעס

צו טאָן. א, צו שלעכטס. „מע האָט זי
אוגטערגערעדט, זי זאָל אַוועק פֿון מאַן“, רייד. 2.
נאָכריידן, נאָכזאָגן (פֿאַר זיך, שטילערהייט). א, דעם
מגידס ווערטער. „ווען ער הערט, מאַכט ער
מיט די ליפּן און ער האָט אַמאָל אַ טבֿע אויך
א', ווען דער רעדנער געפֿעלט אים„, רייד.
אונטערריי'דן — אוטוו. ~ריי'ד, ~רע'דט.
דטשמ. נר. פֿאַרהאַנדלען. ריידן וועגן אַן אָפּמאַך,
וועגן אַ געשעפֿט, וועגן אַן ענין וואו עס זײַנען
פֿאַראַן צדדים. א, וועגן נײַע באַדינגונגען. א,
וועגן אַ שותּפֿות.
אונטעררײדן זיך — אוטוו, קזוו. זיך
צונויפֿריידן, זיך פֿאַרשטענדיקן. „חבֿרה, וואָס האָט איר
דאָ זיך אונטערגערעדט? וואָס סוֹדעט איר זיך?„,
רייד. „ווען זיי די זאַך פֿון דער קיניגין ושתּי
ווערן הערן, דא ווערן זיי זיך מיטאַזאַמט א,
דאָס זיי אַלע וועלן טון צו אירע הערן“, ר, אַהרן
מטריבֿש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר„ג.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אתטעררייטלען זיך — דזוו אונטעררויטלען
זיך ◻.), אָבער אָפּטער און דאַרף קריגן די
בכודה.
אתטעררײַטן — אוטוו. רײַט אונטער, ה אָ ב

~געריטן [אויו בּ י ן אין פּר, אוק▯ 1 .I. רײַטן
נאָך אַ ביסל. ,,זיי זײַנען אונטערגעריטן נאָך
אַ שטיקל וועגס,,, ראָם, די קלוגע מיידל, ווילנע
1879. 2. רײַטן פֿון צײַט צו צײַט. פֿאָרן מיט
פֿערד און וואָגן און אַמאָל אויך א'. 3.
צורײַטן אומבּאַמערקטערהייט. א, און זיך צוהערן
צו דער קריגערײַ. 4. פֿיג. דזוו אונטערדריקן.
א, אויף די אָרעמע.

אונטעררייכערן — דזוו אונטעררויכערן ←.
[די פֿאָרעם פֿאַרשפּרייט אין לד, פּר.] צום בּ3:
,,דעם לינקן אויער זאָל מען אים א, מיט
בּערשטן,,, ריבּ"ל, די הפּקר וועלט II, וואַרשע תּרס"ב.
,,זײַן בּאָבּע די צנועה...איר עין־הרע שפּרעכן,
איר וואַקס און סמאָלע גיסן, איר קנייטלעך
לייגן, איר א, נאָר מיט אַ קאָטער — טויזנט
מאָל בּעסער ווי להבֿדיל דער טאָטער", אמ"ש

1884. ,,איך האָבּ שוין געטאָן אַלע סגולות פֿון
[אָסטראָווסקי], דער מאַסקעראַדין־בּאַל, וואַרשע

דער וועלט, איך האָבּ מיך אונטערגערייכערט
מיט הושענות און לולבֿים,,, זיגלמאַן, ייִפֿאָל,
15 1881 X. ,,איך בּין חלשות געבּליבּן...מײַן
מאַמע האָט בּאַלד אויסגעריסן עטלעכע האָר

פֿון דער ציג און מיר אונטערגערייכערט“, ש. בעקערמאַן, משיח'ס צײַטן, אַדעס 1887. „געגעבן אים טרינקען עפּעס קרײַטעכצער אַזוינע..., אונטערגערייכערט אים מיט פֿעדערן„, ממוס, ווינטשפֿ. „אונדזער גילדן קעלבל איז שוין קדוש! די טענצער דינען אים געטרײַ, רייכערן אים אונטער מיט ווײַרעך„, ממום, 'די אַלטע מעשׂה'.

אונטערריייניקן — טרוו. ▫ניק אונטער, ~גערייניקט. רייניקן אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט. א, די שטיבער. א, די אַדמיניסטראַציע. מיט ז י ו. ־ונג.

אונטעררײַס — דער, ־ן. אַקט פֿון אונטעררײַסן. פֿאַקטאָר פֿון אונטעררײַסן. אַ בייזוויליקער א'. א'־אַרבעט. ־ונג.

אונטעררײַסן — טרוו. רײַס אונטער, ~געריסן. 1. רײַסן פֿון אונטן. אײַנרײַסן. א, די קאַפּאָטע. א, די אַגרעסן. 2. רײַסן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, די צײַטיקע עפּל. אַמאָל אונטערשערן, אַמאָל א, די דינע צווײַגעלעך. א, די אויערן ווי אַ בייזער מלמד. 3. צענעמען. אַרונטעררײַסן. נר. א, גאַנצע גאַסן. „ער וועט

בלײַבן דער אויפֿזעער, ביז דאָס הויז וועט
אונטערגעריסן ווערן„, פֿאָר, 1964 II ◌ 13.
4. צו ביסלעך קאַליע מאַכן, פֿאַרדאַרבן,
איבערפֿירן. א, די שטים פֿון שרײַען פֿון צו פֿיל
,
זינגען. א, דאָס געזונט (מיט שווערער אַרבעט
איבער די כוחות, דורו מאָגערן זיך אע). „מע
האָט אים אונטערגעריסן דאָס געזונט אויף דער
קאַטאָרגע„. אויך מיט ז י ך ◌ ואַטיוו]. „פּטור
צו ווערן פֿון דער שוויץ־פֿאַבריק, וואָס האָט
יעדן טאָג אַלץ מער און מער אונטערגעריסן
זײַן געזונט„, נ. ב. מינקאָוו פֿאַש, 1 1952 II.
,
„בײַם וואַשן וועש האָט מען זיך אָפּגעריבן די
הויט און זיו אונטערגעריסן דאָס געזונט“,
טמז, 15 1961 I.
5. אונטערגראָבן, אונטערמינעווען;
דעזאָרגאַניזירן. א, עמעצנס השפּעה. „טרעטן אַרויס...
און ווילן א, די אַרבעט אין די פֿאַראײנען“,
י. יאָפֿע, אין קעסלגרוב, מאָסקווע 1929. „שריט
אויף א, די פֿרײַנדלעכע באַציאונגען צווישן...„,
סאָוו, היימלאַנד, 2 1963, No.
6. אויפֿרײַסן. א, אַ פֿאַרזאַמלונג. 7.
אַראָפּרײַסן; אַרונטעררײַסן. א אַ פֿאָרשטעלונג מיט

,

אַ בייזווייליקער רעצענזיע. א אַ פּלאַן, אַן

און,

טערנעמונג. א, עמעצנס רעפּוטאַציע. א, דעם

גוטן נאָמען פֿון אַ טוער. 8. אינגאַנצן חרובֿ

מאַכן. נר. ,,דורך זײַן ביזן גידאַנק האָט ער

זײַן לעבין פֿאַרלאָרן, דען דער וועג וואַר אים

אונטר ריסן וואַרין,,, ספֿר משלי, פּפֿדמ 1686.

אונטעררײַסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.

1. רעפֿל. זיך אַליין א'. א, זיך מיט ליגנס.

2. איבער שווערער אַרבעט ברענגען צו

אַ שאָדן, אַ ריס אין אַן אינעווייניקסטן אָרגאַן

פֿון קערפּער. ,,טאָמער טרעפֿט ער אַן אַלטע

גויע גיין פֿונעם טײַך און זיך א, טראָגנדיק

אַ פּאַק וועש, נעמט ער איבער איין קלימעק

אויף זײַנע פּלייצעס", סמב. ,,איז לא די וואָס

ער [האַט] זיך שיִער ניט אונטערגעריסן,

שלעפּנדיק זי אויף זיך...,,, י. יאַ

לינפֿע, אין

קעסלגרוב, מאָסקווע 1929. ,,שלעפּן זיך אום צענד

נער הינער קאַליקעס אונטערגעריסענע, דאָס

או'נטעררײַכט זײַן

רײַסן זיי זיך אונטער לייגנדיק,,, דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.
*וועסט זיך ניט א, = וועסט זיך ניט איבעראַרבעטן; נישקשה, דו קענסט עס טאָן. ,,ניט ווײַט צו גיין. דו וועסט זיו ניט א',,, ש. נאָדינער, בירעבידזשאַן, זב, מאָסקווע 1936. *זיו א, די גלאָטקע = די שטים [געזאָגט צו עמעצן וואָס שרײַט צו הויך].
3. ספּעצ. מפּיל זײַן. זיך א, אין דריטן חודש. ,,זי האָט זיך מיט עפּעס אונטערגעריסן און דאָס ברענגט אויף דער וועלט אַן אומצײַטיק נפֿש", מר III, נ,,י 1908. 4. ספּעצ. קריגן אַ בראָך. שלעפּן שווערע פּעק און זיך א'. 5. וואול. האָבן צו טאָן מיט מענער. ־עכץ.

אונטעררײַסעניש — דאָס (ד), ־ן. געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אונטעררײַסן (זיך) און אונטערגעריסן ווערן. אַ סיסטעמאַטיש א'. פֿרעגעניש, אַפֿילו אין דער קלאָמפּערשט און,, טערטעניקער פֿאָרעם פֿון 'ילמדנו רבינו', איז דער אָנפֿאַנג פֿון אונטערגראָבעניש און א',,, אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל,,אַ 1957.

אונטעררײַסער — דער, ־ס. װנ ־ין, ־קע ־ס.
װער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אונטעררײַסן.
,,אַ פֿאַרשטעלטער א, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט
אין אונדזער פֿאַראײן,,, רײד. ־ערײַ.
אונטעררײצן — טרוו. רײץ אונטער, ~
גערײצט. אָנרײצן, אױפֿרײצן אַ ביסל אָדער פֿון
צײַט צו צײַט. א, דעם הונט. א, צו אַ
מחלוקת. א, מיט שטעכװערטלעך.
אתטעררײשן — טרוו. רײש אונטער, ~
גערײשט. צו ביסלעך אונטערפּרעגלען. א, אַ
ציבלקע און אַרײַנטאָן אין לעבער, אין זופּ.
,,דעד װילן אונטערצורײשן אַלע ליטעראַרישע
געקעכטסער מיט לינק רײשעכץ האָט געטאָן
גרויס שאָדן דער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט,,,
באַש פֿאָר, 13 1965 II פֿיג. א אַ מחלוקה.

, . ,
־עכץ.
או נטעררירכט — דער, ־ן. אַרכ. דטשמ. נר.
אַקט פֿון אונטעררירכטן. לימוד. לערנונג.
עדוקאַציע. ,,קאָרצי אונטר ריכט פֿון
בוכשטאַבירן אודר טראַכטן,,, י. מאַרשן, חנוך לנער,
פֿיורדא 1774. ,,די מלמדים מע מעג פֿון זײ
חוזק מאַכן און טאַדלען זײער א'..., זײ זענען
געװען די...מאַרטירער פֿאַר דער ייִדישער

דערציאונג,,, קמ, No. 41 1870, ,,האָבן מיר צו
פֿאַרדאַנקען דעם א, פֿון דער פוילישער שפּראַך
אין די פֿאָלקשולן", זשיט II, נ,,י 1912.
גוטער (שלעכטער) א'־מ ע ט אָ ד. א'־ש פּ ר אַ ך.
,,אין מזרח־אייראָפּע האָבן מיר...געפֿירט אַ קאַמף
פֿאַר אייגענע שולן מיט ייִדיש אָדער
העבּרעאיש אַלס א'ס־ש'", גרינ, ייִד און וועלט, נ,,י
1953.
אונטערריכטונג — די, ־ען. אַרכ. איצט
דטשמ. נר. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אונטערריכטן. אינפֿאָרמאַציע. "דו ווילשׂט אַן
נעמין ווארהאפֿטיגי אונטרריכטונג גלײַך דוא
אונשׂ איצונד האשׂט הערין גלאזט", יוסיפֿון,
אַמשט 1743.
או'נטערריכט זײַן — צזוו. בּין א,, בּין א,
געוואָרן. אַרכ. קריגן ידיעות. אינפֿאָרמירט

אונטעררי'כטן

ווערן. ,,דער קינג זעלבּיר האָט זיך איין (רבּי)
גנומן אום פֿון אים רעכט אונטר ריכט צו
זײַן אין אַלי זאַכין פֿון דיא יודישי גאָטשׂ
דינשׂט", שאַר, לבֿ/ב.
אונטעררי'כטן — טרוו. ~ריכט, ~ריכט(עט).

אַרכ. איצט דטשמ. נר. 1. לערנען יענעם.
"דער אָנפֿאַנג אום חכמה צו לערנין איזט שווײַגן, דז אַנדרי איז פֿלײַסיג צו הערין... פֿינפֿטינס, אַנדרי צו אונטר ריכטין", ספֿר מבחר הפּנינים, הומבּורג תּצ"ט. „אום אײַך מער צו אונטר ריכטין ווילי נאָך איינה אויף גאבּ שטעלין„, מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג תּקל"ה פֿאָדערן אויף אַלע יונגעלײַט...
. "
וואָס קענען העבּרעאיש א', זיי זאָלן זיך בּײַ אונדז מעלדן„, קמ, 1865 21, No. „האָט צוגעצויגן נאָך מענטשן צו זיך וואָס העלפֿן אים א, אומאַנטגעלטלעך", צעד.
2. צולערנען יענעם (ווי אַזוי צו טאָן).
"שלישי, זאַל בּעלי זצ"ל...ר, יודא בּכל דבֿר אונטר ריכטן וויא מאַן איין קאַפּט", גה, 111.
3. בּאַלערנען, אָנווײַזן פֿירן אויפֿן ריכטיקן
.
וועג. „דשׂ איך דיר אונטר ריכטן קען וואשׂ דוא טאָן זאָלשׂט, ווען ער צו דיר ווערט קומן", יוסיפֿון, אַמשט 1743. "זעלכי לײַט די דא וואונן אין די קלייני קהלות אונ אין די ישובֿים, וואו זי קיינם האבּן צו אונטר ריכטן אונ אונטר ווײַזן וואשׂ צו טאָן", עפּש,

דרך הישר לעולם הבֿא, שקלאָוו 1796. „זאָל מען פֿרעגן אַ תּלמיד־חכם, וועט ער זי א, על־פּי דין„, הרבֿ מרדכי הורוויץ, ספֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.

4. אָנזאָגן, בֿאַקאַנט מאַכן. אינפֿאָרמירן. "
אונטר ווײַלין גינג דער פֿאַלשיר (נבֿיא, נתן פֿון עזה) זײַן גאַנג אום...איטליכם צו אונטר ריכטן דשׂ דר (שבּתי צבֿי) דר רעכטר משיח איז„, שאַר, קג. „זיי האָבּן אים אונטערריכט פֿון יעדן רײַכן רײַזנדן", אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878. „מע דערציילט אין גוט־אונטערריכטעטע קרײַזן„, זשיט X, נ"י 1919. 5. צוטראָגן, מסרן. „אובּ איין יחיד אוֹ רבּים ח"ו וואָלטין אויס פֿלין אונ, וואָלטין דיא שׂררה יר„ה אונטר ריכטן...דא זאָל דער זעלבּיג עובֿרין אוֹ עבֿריינים זײַן אונ, האבּין אלי עונשים דהרמות וחומרות„, תּקק.

אונטעררימען — דער, ־ס. (שוסטערײַ) פֿאַסיקל לעדער אינעווייניק (אין שוך) בײַ דער פּיענטע. ש. ווינטער, צו דער טערמינ, פֿון מלאָכות, פּש II.

אונטעררימען — טרוו. רים אונטער, ~ גערימט. פֿון צײַט צו צײַט אַ בּיסל לויבּן, רימען אויף אַ לײַכטן אופֿן. א, אַן אָנהייבער.

א, דעם צוריקגעשטאַנענעם תּלמיד און אים אַ ביסל דערמוטיקן. מיט ז י ך — רעפֿל.
,,מיט זײַן א, זיך וועט ער ווײַט ניט
אַוועקגיין", רייד. ,,ער האָט ליב אַ ביסעלע זיך אונטערצורימען,,, רייד. ־עניש. ־ער.
־ערײַ.

אונטעררימפּל — אוטוו & ו ־פּל
ען .
אונטער, ~געריטפּלט. פּפֿ: ~רומפּ ען. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן שפּילן אויף אַ שלעכטן, גרילציקן אופֿן. א, ווי אַ דאָרפֿישער

784

קלעזמער. א, בײַם (דעם) ברוגז־טאַנץ. ־עכ .
־עניש. ־ער.

אונטעררינד — די, ־ס. rin(1e : .M.
1. אונטערשטער, האַרטער טייל פֿון ברויט, וואָס אויף אים איז דער לאַבן אײַנגעזעצט אין אויוון. די מעליקע א'. ,,איין טייל זאָגן: דיא עיקר מצווה בײַם שנײַדן צו ברכות [בײַ מאַכן די ברכה המוציא] איז די אונטער רינט", ספֿר תּחינות פֿיורדא 1714 [ייִפֿאַ, 2 1939, No].

2. אינעווייניקסטע, אונטערשטע קאָרע (קורלאַנד, זאַמעט). אַראָפּנעמען די דינע א'. שרײַבן אויף אַ פּאַס א'.
אונטעררינען — אוטוו. רין אונטער, בּ י ן & ה אָ ב ~גערונען. 1. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט דורכלאָזן אָדער אַרויסגעבן פֿליסיקייט. עס רינט אים אונטער פֿון דער נאָז. דער אַלטער דאַך רינט אונטער בײַ אַ שטאַרקן רעגן. 2. היפּוך פֿון אויסרינען.
אונטערקומען, אונטערלויפֿן אע. „ער איז מיר אונטערגערונען ממש אונטער די פֿיס", רייד.
אונטעררייסעווען — טרוו. ־סעווע אונטער, ~גערייסעוועט. סל. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט צייכענען. צייכענען (אָנצייכענען) פֿון אונטן. א, די טאַליע. א, בלימעלעך און צאַצקעלעך.
אונטערר עןן — טרוו. ריִע אונטער, ~גע ריִעט. דזוו אונטעררײָען, אונטערגראָבן. חיהלעך ריִען אונטער די וואָרצלען. מיט ז י ך. א, זיך ווי אַ חזיר אונטערן פּלויט. א, זיך אין אינטימע סודות פֿון דער חבֿרטע. ־עניש.
אונטערריפּען — דזוו אונטעררימפּלען ←. א, אויפֿן פֿידל.
אונטעדרעגולירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~

רעגולירט. אַ ביסל אָדער צו ביסלעך רעגולירן. א, דעם אומלויף פֿון געלט. א, די ברעגן פֿון די טײַכן. ־ונג.

אונטעררעגענען — אוטוו, אומפּ. רעגנט אונטער, ~גערעגנט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט רעגענען. אַ טרוקענער זומער, עס רעגנט בלויז אונטער. „דאָרטן רעגנט בלויז אונטער ניט מער ווי אַ האַלבע שעה, דערנאָך ווערט ווידער בלוי דער הימל“, רייד.

אונטעררעדונג — די, ־ען. דזוו אונטעררײדונג ←.. „אין דער גאַנצער א', ריידן ביידע זייער קאַלטבלוטיק און רואיק, ניט מיט היץ און ניט מיט כּעס“, קמ, 23 1865, No. „דער פּריץ דערקלערט די א, פֿאַר געענדיקט און ציט זיך צוריק אין זײַן קאַבינעט“, בן־צבֿי, דעם שענקערס טאָכטער, קראָקע 1911. „מיר האָבן געהאַט מיט אים אַן א', און אַז עס איז געקומען זײַן ריי צו רעדן, האָט ער זיך אַנטשולדיקט„, רעד, היימיש, אָבֿ־אלול תּשכ„א.

אונטעררעדל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון אונטעררעד ←. „ווער זענען די מענטשן וואָס שלעפּן זיך עפּעס נאָך הינטן בײַ די א'עך?„, ספֿר שבֿחי רמ“ל, לעמבערג [יאָר?].

או'נטעררעדן — דזוו אונטעררײדן, פּד, אוקר.
[מיט קורצן ע־קלאַנ] . צום בּ1, אוטוו. „ניט
אומזיסט האָט מען שוין אין שטאָט
אונטערגערעדט אַז ער שיקט עד־היום...די טויזנט

אונטערשאָבּן

רובּל“, בּערג, אין אַ פֿאַרגרעבּטער שטאָט.
צום בּ2, אוטוו. „אין שטאָט רעדט מען
אונטער אויף אים: עפּעס אַ ווײַבּל, אַן אשת־איש,
זאָגט מען“, שע, אײַזנבּאַן־געשיכטעס.
אונטערר'עדן — דזוו אונטעררײ'דן.
אונטעררעווען — אוטוו. רעווע אונטער, ~
גערעוועט. צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן רעווען
ווי אַ חיה אָדער אַ בּהמה. א, פֿון ווייטיק.
־עניש.
אונטעררעטושירן — טרוו. ־שיר אונטער,
~רעטושירט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
פֿאַרפּוצן פֿאַרדעקן קליינע דעפֿעקטן (פֿון אַ

,

פֿאָטאָגראַפֿיע). א, אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. „איך בּעט
אײַך, רעטושירט ניט אונטער„, רייד. ־ונג.
אונטעררעכטונג — די, ־ען. דזוו
אונטעררריכטונג. דאָס לערנען ווי זיך צו פֿירן. „די

מצוות הלבֿבֿות האָבן מער מעלה פֿון די...
חכמה פֿון א, און דיא חכמה פֿון וואויל צו
קענען ריידן,,, חה, 56.
אונטעררעכענען — טרוו. רעכן אונטער,
~גערעכנט. 1. צונויפֿרעכענען,
צונויפֿחשבֿונען. ,,דאָס וואָס אַ בריגאַדיר דאַרף קענען
בײַם א, נאַריאַדן,,, ה. ראַבינקאָוו, סאָוו,
היימלאַנד, 2 .1 1961, No. רעכענען צו ביסלעך,
פֿון צײַט צו צײַט. 3. אונטערשאַצן, ניט
דערשאַצן. א, דעם שׂונאס כּוחות. ־ונג ־עניש.

.

אונטעררעמאָנטירן — טרוו. ־טיר אונטער,
~(גע)רעמאָנטירט. צו ביסלעך, מיט
איבעררײַסן פֿאַרריכטן, באַנײַען אַ בנין. רעמאָנטירן

פֿון אונטן. א, דעם דאַך. א, דעם פֿונדאַמענט.
ביסלעכווײַז א, גאָרן נאָך גאָרן. *א, דעם
פֿראָנט = צופּוצן דאָס פּנים מיט שמינקע אע.
־ונג.
אונטעררעפּריוועז — טרוו. ־ווע אונטער,
~(גע)רעפּריוועט. אוקר. פּאָד, כערסאָן. צו
ביסלעך מאַרריכטן עמעצן (דאָס געזונט),
העלפֿן קומען צו די כּוחות. ,,מיר האָפֿן דעם
זומער זי אַ ביסל א', זי שיקן אויפֿן לימאַן

[אויף אַ זומערפּלאַץ בײַם ים, לעבן אַדעס]“,
בּריוו. מיט ז י ך — רעפֿל.

אונטעררעקל — ← אונטערראָק.

אונטעררצון — [...ראָצן] דער. מצ נבּי ווילן
וואָס קומט ניט אינגאַנצן קלאָר צום
בּאַוואוסטזײַן   פֿאַראַן בּ אַ סך מענטשן אַ
צווייען. “   י
דיקער רצון: אַן אייבּעררצון און אַן א'“,
רייד.

אונטעררעשן — [...ראַ(ע, אַ)שן] אוטוו. רעש
אונטער, ~גערעשט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט
צו צײַט מאַכן אַ רעש; טומלען אויף אַ
לײַכטן אופֿן. “דער עולם הייבּט אָן א', ווײַל
די פֿאָרשטעלונג הייבּט זיך נאָך ניט אָן“,

ריידאונטערשאָבּן — טרוו. שאָבּ אונטער, ~
געשאָבּט (~געשאָבּן). 1. שאָבּן פֿון אונטן.
א, מערן פֿאַר אַ צימעס. 2. שאָבּן אַ בּיסל,
צו בּיסלעך. א, די פֿיש. 3. אַראָפּשאָבּן.
אונטערקראַצן. א, די קאָרע פֿון די קלעצער. א,
ווילדפֿלייש, גראָבּע הויט פֿון דער פּיאַטע. ־ונג
— ← אויסשאָבּונג, בּ2. ־עכ ן. ־עניש.

אונטערשאַטן

אונטערשאַטן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. שאַט אונטער, ~געשאַט. שאַטן צו בּיסלעך, אַ בּיסל. "איך האָבּ מורא דאָס עסן וועט אים א'", רייד.
אונטערשאַכטל — דאָס & דער, ־ען. שאַכטל וואָס געפֿינט זיך אין אַ גרעסערן שאַכטל. אַרײַנלייגן דעם בּראַסלעט אין א'.
אונטערשאַכטע — די, ־ס. טיפֿערע שאַכטע, שאַכטע אונטער אַ שאַכטע אין אַ מינע.
אונטערשאַכערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געשאַכערט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט צוהאַנדלען פֿאַרקויפֿן אויף אַן אומראַיעלן אופֿן.

א, און האָבּן אַ מיאוסן סוף.
אונטערשאַל — די (דע), ־ן. קלענערע שאַל וואָס מע טראָגט געוויינטלעך אונטער אַ גרעסערער שאַל. אײַנגעהילט אין אַ שאַל און אַן א'.
אונטערשאַל — דער, ־ן. ט, פֿון מנקרים. טייל פֿון הינטערחלק פֿון אַ בּהמה מיטן עק. „חתיכת האַליה ובלשון המורגל שוואַנץ בּראָטין אָדער אונטער שא"ל ובפֿה עירנו [בּיאַליסטאָק] שפּיצבּראָטין", מחנה, 120.

אונטערשאָל — די, ־ן. טעלערל צום
אונטערשטעלן אונטער אַ טרינק־כּלי. דערלאַנגען
אַ בּעכער ווײַן, אַ גלאָז טיי אויף אַן א'.
אונטערשאָלעכץ — די, (־ן, ־ער).
אונטערשטע שיכט פֿון אַ שאָלעכץ. אַ פּרי מיט
אַן אייבּערשאָלעכץ און אַן א'.
אונטערשאַנטאַזשירן — טרוו. ־זשיר
אונטער, ~(גע)שאַנטאַזשירט. צו בּיסלעך, פֿון
צײַט צו צײַט אַרויסקריגן עפּעס דורך שווינדל,
סטראַשונקעס אע. א אַ בּכּבֿודיקן מענטשן
,
וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיקט. דער פּאַרשוין קען
אויך די קונץ פֿון א, ־ונג.
.
אונטערשאַנעווען — טרוו. ־נעווע אונטער,
~געשאַנעוועט. אַ בּיסל, צו בּיסלעך
שאַנעווען, אָפּהיטן. האָבּן אײַנזען (מיט עמעצן).
א, דאָס געזונט. א, דעם צווייטנס געפֿילן.
א, דעם געפֿאַלענעם. א, דעם יום־טובֿדיקן
בּגד, ניט אָנטאָן אים אינדערוואָכן.
אונטערשאַנצן — טרוו. שאַנץ אונטער, ~
געשאַנצט. אונטעררוקן, אונטערשאַרן.
אונטערהעלפֿן און צוטיילן, צוּוואַרפֿן. א, אַ
פֿאַרדינסטל. א, אַ גוטן קויף. א, אַ חלק אין

גערקויפֿטן וואַלד, ראַמש.

אונטערשאַסן זיך — אוטוו. שאַף זיך אונטער, זיך ~געשאַפֿט. 1. צו בֿיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט זיך הייסן אָדער זיך לאָזן באַדינען פֿון עמעצן. זיך א, מעשׂה גבֿיר מיט אַלע ייִנגלעך אין שטעטל. א, זיך מיט קינדער פֿון די חדרים און זיי שלעפּן אויף גבֿירישע לוויות. 2. נעמען צו הילף. א, זיך מיט ווערטערבֿיכער בײַם איבֿערזעצן.

או'נטערשאַצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערשאַצן. ניט־גענוגיקע אָפּשאַצונג. „דאָס זאָל ניט הייסן קיין א, פֿאַר אונדזער אַלטער קרוינשפּראַך העבֿרעאיש“, שטדיגלער.

או'נטערשאַצן — טרוו. שאַץ אונטער, ~ געשאַצט. [אויך: ~שאַ'צן, ~שאַץ, ~שאַצט. נר.] 1. שאַצן נידעריקער וויפֿל ס'איז ווערט אָדער וויכטיק. א, ווי אין לאָמבאַרד. מע דאַרף ניט א, די שוועריקייטן. „מע דאַרף ניט איבֿערטרײַבן די מיליטערישע מאַכט פֿון ישׂראל,

אָבער מע טאָר דאָס אויך ניט א',,, בצג, טמז, 2 .4 1964 X. ניט אָנערקענען אין דער נייטיקער מאָס. גרינגשאַצן. א, אַ מענטשן. א, עמעצנס קינסטלערישע דערגרייכונגען. ,,זיי זאָלן ניט בכּיוון א, זיך [אַקוזאַטי] אַליין,,, לל, ייִבל XXXII. מיט ז י ך — רעפֿל. ,,די צרה מיט אונדז [פֿרויען] איז וואָס מיר אַליין שאַצן זיך אונטער", טמז, 23 1963 III. ־עניש.

אונטערשאָקלען — טרוו & אוטוו. ־קל אונטער, ~געשאָקלט. 1. צו ביסלעך, אויף אַ לײַכטן אופֿן טרייסלען (מיט) עפּעס. א, דעם בוים (די פּירות זאָלן אַראָפּפֿאַלן). א, (מיט) דעם לולבֿ. ,,מיט אַ סך געלט שאָקלט מען אונטער די וועלט,,, שוו. 2. מאַכן אַ לײַכטע באַוועגונג מיט אַן אבֿר אַהער און אַהין. א, מיט דער האַנט (ווי אַ באַגריסונ). ,,אַז מיר ווילט זיך, ווי מײַן פֿעטער ר, זרח, א, דערבײַ מיטן קאָפּ,,, מלה, גאָלדענע פּאַווע. מיט ז י ך — א, זיך בײַם דאַוונען. א, זיך נאָכן פֿינפֿטן גלעזל. ,,די שויבן שאָקלען זיך דאָך אונטער פֿון די געשרייען", רייד. ,,דער פֿערד לויפֿט, שטאַרק אונטערשאָקלענדיק זיך מיט... דעפּ גרינגן לײדיקן וואָגן,,, צבֿי ניסן גאָלאָמבֿ, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ־ונג. ־עניש.

אונטערשאַרלאַטאַנעווען — טרוו. ־נעווע
אונטער, ~(גע)שאַרלאַטאַנעוועט. פֿון צײַט צו
צײַט שאַרלאַטאַנעווען. אָפּנאַרן.
אונטערשווינדלען. א, די קרובֿים. א, די מיידלעך.
אונטערשאַרן — טרוו. שאַר אונטער, ~
געשאַרט. 1. אונטעררוקן (←) שאַרנדיק. א,
די טשאָלנטן טיפֿער אין אויוון. א, דעם פֿערד
אַ ביסל היי. א, דעם גאַסט נאָך אַ טעלער
זופּ. פֿיג. א, עמעצן אַ פֿאַרדינסטל. 2. שאַרן
פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך. א, היי מיט אַ
גרעבליע. א, דאָס זאַמד מיט אַ רידל. 3. שאַרן
אונטער עפּעס. א, דאָס מיסט אונטער דער
רעדנע, די צונויפֿגעקערטע בלעטער אונטער
דער ווערענדע. 4. צושאַרן. „האָב איך מורא
טאָמער וועט ער א, די קוילן„„ תּקוני שבת,
או טדהא 1818.
אונטערשאַרן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
1. אונטערקריכן. א, זיך אונטערן פּלויט. 2. זיך
דערנענטערן בשתּיקה. א, זיך ווי אַ גנבֿ. א,
זיך צו דער דינסט. „ער פֿלעגט ניט פֿאַרגעסן
אָפּצושטויסן אים...ווען יענער פֿלעגט זיך א,
...אונטערצוהעלפֿן אים“, זשיט III, נ“י 1919.
3. צומאַכן זיך. אונטערלעקן זיך,
אונטערחנפֿענען זיך. א, זיך צו דער רײַכער יורשטע.

א, זיך צום גבֿיר.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אונטערשאָר(ע)ווען — טרוו. ־ר(ע)ווע אונטער, ~געשאָר(ע)וועט. פּד. אונטעררײַבן. אונטערשײַערן. צו בּיסלעך, אויף אַ לײַכטן אופֿן רײַבן (עפּעס) אָדער אָפּרײַבן. א, דעם טאָפּ מיט אַ וויעכעטש.

אונטערשוואַרצן

אונטערשאַרסן — טרוו. שאַרף אונטער, ~ געשאַרפֿט. 1. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט שאַרפֿן. א, די מעסערס אין אַן ערבֿ־יום..טובֿ. 2. שאַרפֿן פֿון אונטן. א, קאַנטן. 3. מאַכן אַ בּיסל שאַרפֿער גײַסטיק. אויך מיט ז י ך. א, (זיך) די מוחות מיטן לערנען די האַרבּע סוגיות פֿון דער גמרא ־ונג ־עניש.

. .

אונטערשאַרצן — טרוו שאַרץ אונטער, ~

געשאַרצט. (אַ בּיסל אונטערהייבּן און)
אַרונטעררוקן פֿאַרבּייגן. אונטערקאַשערן
פֿאַרשאַר, .
צן אויף אַ לײַכטן אופֿן (אונטער עפּעס).
א, די אַרבּל, די שלעפּע. „און, זאַך אויך
וויא אַלי דיא וויבּר האבּן אירי קליידר אויף
גיהובּן און, אונטר גישאַרצט מיט דען גורטל
און, זיא שאַרצט ניט אויף דיא קליידר...פֿון
גרושׂי צניעות„, צאינה, רות.
אונטערשבּרן, ~שבּרעווען — [...שאַבּער...]
טרון. שבּר, שבּרעווע אונטער, ~געשבּרט, ~
געשבּרעוועט. 1. (גנבֿים־שפּראַך) פֿון צײַט צו
צײַט, צו בּיסלעך זיך פֿאַרנעמען מיט שבּרן,
גנבֿענען. 2. פֿון צײַט צו צײַט צונעמען,
צורויבּן וואָס מע האָט געלאָזן אויף הפֿקר.
א, אין די פֿאַרלאָזענע און פּאָגראָמירטע ייִדישע
הײַזער. [פּאָליאַקן האָבּן בּעת דער צווייטער
וועלט־מלחמה געניצט דאָס וואָרט a abr0].
אונטערשדכן — [...שאַדכן] דער, ־ים ..כאָנים].
ונ ־טע, ־ס. שדכן וואָס טוט זײַן שליחות,
געשיקט פֿון אַ גרעסערן שדכן. שדכן וואָס
פֿירט ניט אויס קיין גרויסע (וויכטיקע)
שידוכים. שיקן צום חתן זײַן געוועזענעם מלמד
ווי אַן א,.

אונטערשדכ(ע)נען — אוטוו & טרוו. שדכן אונטער, ~געשדכנט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט זיך באַשעפֿטיקן מיט שדכנות. ,,געווען אַן אַרײַנגייער אין די רײַכסטע ייִדישע הײַזער, אַ ביסל אונטערגעשדכנט און... געשטאָרבן צען מאָל אַ טאָג פֿאַר הונגער“, אָפּאַ, אונטערוועלט. 2. (אַזוי ווי) בשתּיקה, זיך ניט וואַרפֿנדיק אין די אויגן, צונויפֿפֿירן אַ שידוך אָדער בכלל אַ מאַן מיט אַ פֿרוי. ,,מע פֿלעגט פֿאַרבעטן אים אַליין מיט דער גרושה אין די הײַזער פֿון באַקאַנטע און מע האָט זיי אונטערגעשדכנט,,, רייד. 3. פֿיג. אַזוי ווי ב2, דורכפֿירן אַ פֿאַראייניקונג, פֿאַרבינדונג צווישן צוויי צדדים. א, צוויי פֿירמעס, פֿראַקציעס.

מיט זיך — 1. רעפֿל. א, זיך צו דער רײַכער אַלמנה. ,,אין די קליינע צײַט וואָס עס פֿלעגט זיך מאַכן ליידיק צווישן איין חופּה און צווישן די אַנדערע חופּה פֿלעגט ער [דער חזן] זיך דאָרט גופֿא א',,, אמד, די שטאָט הרס, ווילנע 1868. 2. סתּם זיך באַמיִען געפֿעלן צו ווערן.

אונטערשוואַרץ — אַדי. געדיכט שוואַרץ, גאָר שוואַרץ. באַמאָלן מיט א'. א'ע פּאַסן.

־קייט.
אונטערשוואַרצן — טרוו. שוואַרץ אונטער,
~געשוואַרצט. 1. אַ ביסל, צו ביסלעך
אָפּפֿאַרבן עפּעס אויף שוואַרץ; מאַכן אַ ביסל שוואַרץ
אָדער שוואַרצער. „אַזאַ קאָליר איז צו העל,
שוואַרצט אַ ביסל אונטער“. אויך פֿיג. א, די
לאַגע, דעם מעמד. א, דעם מצבֿ פֿון חולה.

אונטערשווײַגן

2. אַ בּיסל פֿאַרשוואַרצן עמעצנס גאָמען,
רעפּוטאַציע (אַזוי ווי אָן אַ כּוונה). א אַ גוטן

,

נאָמען מיט אַ בּלבול. 3. וואַרפֿן שוואַרצע

גאַלקעס, שטימען קעגן. א, דעם קאַנדידאַט.
־ונג. ־עניש.
אונטערשוויַגן — אוטוו. שוויַג אונטער,
~געשוויגן. 1. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן
שוויַגן. זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע אינמיטן רעדן
און א'. 2. שוויַגן בעת אַנדערע ריכטן זיך,
מע זאָל רעון. א, בײַם פֿאַרהער. „די ווײַבער
האָבן אָבער גאַנץ קלוג אוגטערגעשוויגן„, שע,
,די ערשטע קאָמונע'.
טרוו — פֿאַרשווײַגן. בכּיוון ניט רעדן וועגן
עפּעס, כּדי צו דערדריקן. „מאַך ניט קיין
טומל און שרייַב ניט קיין בריוו אין
רעדאַקציע — שוויַג עס אונטער„, רייד. ־עכ ן.
־עניש. ־ער.
אונטערשווייסן — טרוו. שווייס אונטער,
~געשווייסט. (מעטאַל־באַאַרבעטונג) אַ ביסל
פֿאַרשווייסן (פֿאַרשמעלצן, פֿאַרלייטן) פֿון אונטן.
א אַ רער, רערן. ־ונג.
,
אונטערשווייפֿן — טרוו. שווייף אונטער,
~געשווייפֿט. (סטאָליערײַ, סטעלמאַכער)
שווייפֿן (←. אויסשווייפֿן) פֿון אונטן. מאַכן אַ ביסל
קרום אָדער קײַלעכדיק. א, אַ דין ברעטל.
־ונג.

אונטערשווימען — אוטוו. שווים אונטער,
בּ י ן & ה אָ ב ~געשוואומען. 1. צו
בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט שווימען. א, און
אָפּכאַפּן דעם אָטעם. יעדן טאָג זיך בּאָדן אין
טײַך און א,, ווען אַ געניטער שווימער איז
דאָ דערבּײַ. 2. נאָכשווימען און דעריאָגן
שווימענדיק. שווימט, מיר וועלן א'. 3. צושווימען
נאָענט אין נייטיקן מאָמענט. א, און
ראַטעווען דעם וואָס טרענקט זיך. ,,אַ ברעט שווימט
אונטער און מיר כאַפּן זיך אָן“. 4.
אונטערקומען (אומבּאַמע⃞דקט) שווימענדיק. א, און אַ
שלעפּ טאָן דעם חבֿר פֿאַרן פֿוס. 5.
צושווימען אונטערן וואַסער. א, און אַראָפּציִען אין
וואַסער. א, אונטער דער בּריק און אויפֿרײַסן...
־עניש. ־ער — ווער עס שווימט גוט
אונטערן וואַסער.
אונטערשווינדלען — ־דל אונטער, ~
געשווינדלט. אוטוו — צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט שווינדלען, אָפּנאַרן. ,,סאַכאַרין ווערט
אַלעמאָל ווערלווער. דערום האָבּן זיך די
קויפֿלײַט צו אים אַ כאַפּ געטאָן ווי בּינען צו האָניק
און שווינדלען מיט אים אונטער,,, איש יהודי
[לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטע⃞, פּעטערבּורג 1900,
No 4. ,,מוז מען גנבֿענען די צײַט, מע מוז

דאָ אויך אַ ביסל א',,, י. א. קאַצאָוויטש, 6o
יאָר לעבן. טרוו — באַשווינדלען אַ ביסל. א,
די ניט־געניטע בײַם קויפֿן און פֿאַרקויפֿן
וואַלוטע.
־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשוו(י)ענדזיען — אוטוו. ־דזיע
אונטער, ~געשוו(י)ענדזיעט. פּפֿ: ~סוועג.־
דזיען, ~שווענדזשען. פר. צו ביסלעך
בײַסן אויף אַ טייל פֿון קערפּער. — דאָקטער
צום פּאַציענט: עס וועט אײַך אַ ביסל א, —
געדענקט זשע ניט צו קראַצן".

786

אונטערשוו(י)ענטשען — טרוו. ־טשע
אונטער, ~געשוו(י)ענטשעט. פּפֿ: ~סוויען.־
טשען, ~סווענצע(נע)ן. (מיט ביטו)
באַשפּריצן מיט געהייליקט וואַסער (ווי אַ טייל
פֿון קריסטלעכן רעליגיעזן ריטואַל). א, די וואָס
טראָגן די הייליקע בילדער.
אונטערשוויצן — אוטוו. שוויץ אונטער, ~
געשוויצט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
שוויצן. א, פֿון היץ. א, ווי אין תּמוז. א, בײַם
האַקן האָלץ. ,,מעג עס דונערן און בליצן —

נישקשה, אויבֿ איר וועט אַ ביסל א'‟, י.
מאַניק, 'דער וואָלף און די פֿוקסן'. 2. אַ
ביסל שוויצן מחמת אויפֿרעגונג,
אומבאַקוועמער סיטואַציע, פֿאַרלעגנהייט אאַ. א, בײַם
עקזאַמען, בײַם פֿאַרהער. א, בײַ אַ שׂמחה.
3. טאָן עפּעס מיט אָנשטרענגונג, מער (
גיכער) ווי געוויינלעך. א, פֿאַרן עקזאַמען. א,
ווי אין אַ פֿאַרפּסח. 4. אַ ביסל צואַרבעטן
מיט פֿלײַס, מאַכן אַן אָנשטרענגונג. א, און
אַרויסענדיקן צו דער צײַט. 5.
אונטערפּלוטעווען. א, און גאָרניט פֿאַרדינען. ־עניש.
אונטערשווישטשען — ←
אונטערסווישטשען.
אונטערשוועבלדיק — (כעמיע) וואָס אין
מאָלעקול פֿון דער שוועבל־פֿאַרבינדונג איז דאָ
בל־צווייאָקסיד, [illegible]o[illegible]). ~שווע לז[illegible]
ערס(וו
דער מינימום אַטאָמען פֿון שוועבל י אי
שווע[illegible]
נאַטראָן — פֿאַרבינדונג פֿון נאַטראָן מיט א'. „מע
באַשמירט דעם פֿלעק מיט אַן אויפֿלייזונג פֿון
א'־נאַטראָן (אַנטיכלאָר) און לאָזט אַ שעה
שטיין„, ש. שפּירא, קליידער־פֿאַרבערײַ, וואַר
שע 1900.

אונטערשוועבלען — טרוו. ־בל אונטער, ~ געשוועבלט. 1. צוגעבן אַ ביסל שוועבל צו אַ מישונג, פֿאַרבינדונג (ווי אַ רייניקונג־מיט□). א, די אויפֿלייזונג און באַשמירן די פֿלעקן. 2. פֿון אונטן אַרומשיטן מיט אַ שוועבל־פּראָשעק (אַ מיטל קעגן אינזעקטן). א, (די וואַנט) אונטערן (אַרום) אויוון.

אונטערשוועבן — אוטוו. שוועב אונטער, ~געשוועבט. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן שוועבן, זיך האַלטן אין דער לופֿט (ניט הויך). „די מעוועס שווימען אויפֿן וואַסער און שוועבן אונטער איבערן וואַסער“. אונטערשוועבן אין חלומות.

אונטערשוועכן — טרוו. שוועך אונטער, ~ געשוועכט. אַ ביסל פֿאַרשוועכן, פּראָפֿאַנירן, דעגראַדידן. א, מיט אָפּלאַכענישן עמעצנס אַן אידעאַל. ־ונג.

אונטערשוועל — די (דע□), ־ן. 1. דזוו שוועל. זיך פֿאַרטשעפּען אין א, און פֿאַלן. 2. שטח אונטער דער שוועל. באַגראָבן טײַערע חפֿצים אין א'. 3. ריי שטיינער אין אַ טײַך (באַהאַלטן אונטערן וואַסער). „דאָ האָט דער טײַך א'ן און אַ שיף קען דאָ ניט דורכגיין„.

אונטערשווענגערן — אוטוו. ־ער אונטער,

~געשווענגערט. 1. נאָך אַ קורצע צײַט
שווענגערן. „זי איז אין אַכטן חודש, זי דאַרף נאָך
א,,,, רייד. 2. (שפּאַסיק) ז ײַ ן אַ בּיסל
שוואַנגער. „ערשט ניט לאַנג ווי זי איז געלעגן
אין קימפּעט און זי שווענגערט שוין אונטער

אונטערשוים

ווידער“, רייד. פֿיג. א, מיט אַ נײַעם פּראָיעקט.
3. טרוו. (שפּאַסיק און גראָבּלעך). מ אַ כ ן
אַ בּיסל שוואַנגער פֿע, ווי דו רעדסט, ער
.„
האָט זי ניט בּאַיאַטלט, ער האָט זי בּלויז
אונטערגעשווענגערט“, רייד. 4. טרוו. (שפּאַסיק
אונטערטראָגן. שווענגער מיר אונטער די
טשאַסטעס.
אונטערשווענקען — טרוו. שווענק אונטער,
~געשווענקט. 1. אַ בּיסל שווענקען, ניט
אינגאַנצן אויסשווענקען. א, די אויסגעליידיקטע
פֿלעשער. 2. נאָר אַ בּיסל, אַ קורצע צײַט
האַלטן אין וואַסער. א, גרעט אין טײַך. א,
לעדער פֿאַר פּאָדעשוועס.
3. אונטערגראָבּן, צעשטערן, קאַליע מאַכן
מיט אַ כסדרדיקן אָנקום פֿון וואַסער (וואָס

איז אַ געדויערדיקער פּראָצעס). רעגנס האָבּן
אונטערגעשווענקט דעם פּלויט. ,,איז [דער בּוים]
געוואַקסן לעבּן בּרעג און דער שטראָם האָט
אים אונטערגעשווענקט און ער איז
אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער,,, בּילדער פֿון טהיער
לעבּען, ווילנע 1898. ״עס טרעפֿט אַ סך מאָל
אַז די פֿעלדזן ווערן אונטערגעשווענקט און
פֿאַלן אַראָפּ צעקרישלטערהייט אין וואַסער
אַרײַן,,, א. יאַקובּזאָן, פֿאָר, 27 1963 I.

4. אונטערגראַבּן מיט אַ פּלוצעמדיקן אָנקום
פֿון אַ סך וואַסער. די פֿאַרפֿלייצונג שווענקט
אונטער דעם פֿונדאַמענט. ,,טאָן אַ שטיף און
ס'פֿעלד פֿאַרפֿלייצן, שטעט און דערפֿער א,,,,
הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט. ,,בּלוט
האָט אונטערג ע ש ו ו ע נ ק ע ן [דער פּאַרטיציפּ
זן] שווערע שטיינער,,, אָפּאַ, בּר־כּוכבֿא.

5. דזוו בּבּ 3־4, נאָר פֿיג. ריכטונג, אידייע
וואָס צעשטערט, רײַסט אַרונטער
אײַנגעשטעלטן סדר. ,,אומבּרחמנותדיקע
שטראָף...וועלכע
שווענקט אונטער, ווי בּאַהאַלטענער וואַסער, דעם
יסוד פֿון דײַן הויז,,, דא, שוואַרץ־רויט. ,,אַ
קולטור וואָס האָט זיך ניט געלאָזט א, אין
טויזנטער יאָרן״, שטריגלער. ,,כּדי ווידער

אויפֿצוהייבן די געפֿאַלענע ייִדישע סוכּה, וואָס איז אונטערגעשווענקט געוואָרן פֿונעם שטראָם פֿון געמישטע חתונות“, ש. מאַרגאָשעס, טאָג, 20 1964 II. אויו מיט ז י ו — א, זיך אין וואַסער.

־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אונטערשווערן — אוטוו. שווער אונטער, ~געשוואָרן, ~געשוואוירן. באַשטעטיקן מיט אַ שבֿועה. א, אויף אַ גבֿית־עדות.

אונטערשוהט — [...שויכע▯] דער, ־ים [...שאָכטים]. וונ ־קע [זײַן פֿרו▯] , ־ס. געהילף פֿון שוחט; אַ שוחט אַן אָנהייבער וואָס האָט איבער זיך די השגחה פֿון אַן עלטערן שוחט. דער שוחט און זײַן איידעם דער א'.

אונטערשוידערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~ געשוידערט. אונטערציטערן. פֿון צײַט צו צײַט דורכגענומען ווערן פֿון אַ שטאַרק געפֿיל (שרעק, אויפֿרעגונג) וואָס מאַכט ציטערן. א, פֿון קעלט. א, פֿון אַ שרעקלעכער בשׂורה. א, פֿון צו הויכער טעמפּעראַטור.

אונטערשוים — דער, ־ען. שוים וואָס בלײַבט נאָכדעם ווי מע האָט אַראָפּגענומען דעם אייבערשוים.

אונטערשוינען — טרוו. שוין אונטער, ~
געשוינט. דזוו אונטערשאַנעווען.
א קלאַפּער — דער, ־ס. פּפֿ:
געהילף פֿון דעם קלאַפּער אין שול
אַרײַן, דעם רופֿער אין שול אַרײַן דורך קלאַפּן
אין די פֿענצטער (אין יִידישע שטעטלעך). „דער
אַנדערער האָט ניט אויסגענומען און האָט
געמוזט בלײַבן פֿאַר אַן א'קלעפּער“, ליאָנדאָר,
נײַער בש, ווילנע 1887.
אונטערשוס — דער, ־ן. (וועבערײַ) פֿאָדעם
וואָס ווערט אײַנגעוועבט פֿון אונטן (אויף דער
לינקער זײַט פֿון שטאָף).
אונטערשוסטער — דער, ־ס. וונ ־קע [זײַן
פֿרוי), ־ס. געהילף, צוהעלפֿער פֿון שוסטער.
שוסטער וואָס קען בלויז לייגן אַ לאַטע.
אונטערשוסטערן — אוטוו. ־ער אונטער,
~געשוסטערט. 1. פֿון צײַט צו צײַט, מיט
איבעררײַסן זיך באַשעפֿטיקן מיט שוסטערײַ.
„ער איז אַן אַלץ־קענער, אַז מע דאַרף קען ער
אויך א',„ רייד. 2. טאָן עפּעס ניט ווי עס
באַדאַרף צו זײַן, ווי אַ פּאַרטאַטש. א, בײַם
פֿאַרי

ענדיקן די אַרבעט.

אונטערשורה — די, ־רות. שורה פֿון אונטן. אויך: אונטערקעפּל. „איבערגעלייענט די א, ,מימי חיי היהודים בספֿרד'״, בערג, בײַם דניעפּער I.

אונטערשושקען — טרוו. ־קע אונטער, ~ געשושקעט. 1. שטילערהייט, שעפּטשענדיק אונטערזאָגן. א, דעם ענטפֿער. 2. זאָגן עפּעס בשתּיקה פֿון דעם וועגן וועמען מע רעדט. א, רכילותלעך. באַריידן און א,. מיט ז י ך — קזוו. א, זיך וועגן סקאַנדאַל אין שטאָט, וועגן רבֿס טאָכטער.

־עכץ. ־ניש. ־ערײַ.

אונטערשט — ← אונטערשטע.

אונטערשטאָט — די, ~שטעט. פֿאָרשטאָט וואָס איז דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער שטאָט. אָפֿט — ליגט נידעריקער ווי די שטאָט, בײַם אָדער הינטערן טײַך, הינטערן באַרג, אַרום ביתעולם, אַרום דער בוינע. די א, איז פֿאַרפֿלייצט געוואָרן. אין א, וואוינען וויניק ייִדן. די אָרעמעלײַט פֿון (דער) א'.

אונטער שטאָט — אַדוו פֿראַזע. נאָענט צו דער שטאָט. „אום מאָנטאָג זײַנען געקומען די פּוחזים א, ש, און האָבן אָנגעהויבן צו ברומען

ווי די בערן,,, מע□ה אומן.
אונטערשטאָטIיק, ־יש — אַדי. וואָס האָט
אַ שייַכות צו אונטערשטאָט, וואָס האָט דעם
כאַראַקטער פֿון אונטערשטאָט. וואָס איז הינטער
דער שטאָט. ,,א'יקע ייִדן האָבן איר אָבער
אַרייַנגענומען צו זיך, ביז דער רבֿ איז געקומען
צוריק,,, ליטוו. ,,איך האָב זיך דערמאָנט מייַן שטאָט
מיט אַ גרויסן וואַלד אַרום, מיט קליינע א'ישע
געסלעך“, סעג, פֿון רוסלאַנד — צעבראָכענע
זייַלן, וואַרשע 1920. ,,מאַכן עטלעכע לענגערע
שפּאַצירן אין דער א'ישער געגנט,,, פֿגעז, פּאַריז
9 1949, No. ,,דער פֿעטער האָט אָפּגעדונגען אַ
פֿור בײַם א'ן פּוילישן פֿודמאַן,,, י. עמיאָט,
פֿאָר, 16 □ 1964 III.

78□

אונטערשטאַל — די, ־ן. פֿקפֿ: ~שטעלכל.
קעלער אָדער גרוב אונטער אַ שטאַל. געלעגן
באַהאַלטן אין אַן א'שטעלכל.
אונטערשטאָל — דאָס (דער). מצ נב. שטאָל
פֿון אַ גאָר שלעכטער קוואַליטעט (בלויז אַזוי ווי
שטאָל).

אונטערשטאָלן — טרוו. שטאָל אונטער, ~
געשטאָלט. נעאָל. אונטערפֿעסטיקן אַזוי ווי מיט
שטאָל. א, דעם מוט, דעם שטאָלץ. אויך מיט
ז י ך. זיך א, אין די טעג פֿון אומקום.
אונטערשטאַמלען — ־מל אונטער, ~
געשטאַמלט. אוטוו אַ ביסל, צו ביסלעך
אַרויסזאָ ----
גן עפּעס און דערבײַ זיך פֿאַרטשעפּען קעגן ווילן
בײַ טייל קלאַנגען; צו ביסלעך שטאַמלען, רעדן
היקעוואַטע. „האָט אונטערגעשטאַמלט אַ ביסעלע
און געקוקט דורכן פֿענצטער ווײַט אויפֿן פֿעלד
אַרויס„, ל. קאָברין איבז, מאָפּאַסאַן I. סרוו —
אַרויסזאָגן עפּעס מיט איבעררײַסן מחמת
צעטומלטקייט, פֿאַרלעגנהייט, אומדרייסטקייט.
ווערן בלאַס און רויט און קוים א': 'אַ דאַנק'.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשטאַמפּן — טרוו. שטאַמפּ אונטער,
~געשטאַמפּט. פּפֿ: ~שטאַמפּעוועו.
1. שטעלן אַ שטאַמפּ (שטעמפּל) פֿון אונטן.
א, און פֿאַרזיגלען דעם דאָקומענט. א, די
אָפֿיציעלע פּאַפּירן. 2. אַרונטערדריקן אָדער
פֿורעמען מיט עפּעס וואָס האָט זייער אַ סך וואָג.
א, דעם אײַזן. א, די רעלסן. ־ונג.
אונטערשטאַנג — דער, ־ען. שטאַנג, שטאַבע,

לאַנגער דראָנג וואָס געפֿינט זיך פֿון אונטן.
מאַכן גימנאַסטיק נאָר מיט די א'ען.
אונטערשטאַנד — דער, ־ן. 1. שיכט, קלאַס אין דער געזעלשאַפֿט וואָס איז פֿון אונטן (לגבֿי די העכעדע, אייבערשטע שטאַנדן). „די נעגערשע באַפֿעלקערונג אין די דרום־שטאַטן איז דער באַעוולטססטער א'„, רייד. 2. גאַליציע.
מיליטערישער לאַגער. ספּעצ צענטראַלער בנין אָדער געצעלט פֿון אַ לאַגער. „עס זײַנען אַרײַן צו אונדז אין א, אַנדערע אָפֿיצירן„, י. בערנפֿעלד, אונזער קיוס, 50 1965, No. ־יק — אַדי.
אונטערשטאַפּל — דער, ־ען. 1. טרעפּ, שטיג פֿון אונטן. נידעריקסטער שטאַפּל. א, פֿון לייטער. 2. אָנהייב, נידעריק(סט)ע מדרגה פֿון אַן אַנטוויקלונג. א'(ען) אין דער געשיכטע פֿון ציוויליזאַציע. ־דיק — אַדי.
אונטערשטאָפּן — טרוו. שטאָפּ אונטער, ~ געשטאָפּט. 1. שטאָפּן צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. „ער איז אַ לערער מיט מיידלעך און אין די אָוונטן פֿאַרנעמט ער זיך מיט א, פּאַפּיראָסן„ (←. אויסשטאָפּן).
2. (אַרײַנ)שטאָפּן פֿון אונטן. א, אַ קישעלע אין פֿענצטער, ווײַל אַ שויב איז צעבראָכן.
3. מער אַרײַנשטאָפּן. א, די געפֿילטע קישקע.

א, דעם שעניק מיט נאָך היי.
4. אַ ביסל אָדער פֿון אונטן צירעווען. א, די
צעריסענע פּיאַטעס. 5. פּיטערן מער ווי מע
דאַרף פֿון צײַט צו צײַט. „ס'איז ניט געזונט
אונטערצושטאָפּן די קינדער, ווען זיי
איבערשטאָפּן„, רייד. 6. אונטעררוקן ב7. „ווילסט

אונטערשטודירן

ווידער א, דעם חזיר, דעם פּריסטאַוו„, רייד.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אונטערשטאָף — דער, ־ן. דזוו
אונטערשלאַק ←. 2. שטאָף וואָס איז פֿון אונטן. אַן
איבערבעט מיט אַן א'.
אונטערשטאָק — דער, ־ן. שטאָק פֿון אונטן.
ערשטער גאָרן אין אַ הויז פֿון עטלעכע גאָרנס.
„אַ משל צו אַ קעניג, אַז ער בויעט פֿאַר זיך אַ
שלאָס, בויעט ער געוויינלעך פֿריִער די א'ן און
דערנאָך די אייבערשטאָקן„, י. מ. הײלפּערין,
דאָס יודענטהום על־פּי התּלמוד, אַדעס 1890.
־יק — אַדי.
אונטערשטאַרבן — אוטוו. שטאַרב אונטער,
ב י ן ~געשטאָרבן. 1. (סאַרקאַסטיש)
אויסשטאַרבן (←) ביסלעכווײַז. „אַז אָרעמעלײַט

שטאַרבּן אונטער, שלאָפֿן רואיק די נגידים,,, שוו. ס'איז דאָ אַ גאַסט אין שטאָט, די כאָלערע, און די יורזדיקע האָט גענומען געשמאַק א'.
2. פּלוצעם, אומגעריכט שטאַרבּן. ,,איז מיר אונטערגעשטאָרבּן די ווײַבּ און איך בּין געבּליבּן מיט דרײַ פּיצעלעך,,, רייד. 3. צו בּיסלעך אָ□.. שטאַרבּן, ניט פֿילן מער. ,,די גלידער שטאַרבּן אים אונטער□. 4. צו בּיסלעך פֿאַרוויאַנען. די בּלומען שטאַרבּן אונטער.

אונטערשטאָרכען — טרוו. ־כע אונטער, ~געשטאָרכעט. 1. צו בּיסלעך, אויף אַ לײַכטן אופֿן (כּלומרשט, אין אַ שפּאַס) קלאַפּן עמעצן מיט די פֿויסטן אין די זײַטן. א, בּעת יענער האָט זיך פֿאַרטראַכט. 2. אונטערשטויסן, אונטערשטופּן. א, מיט אַ שטעקן. א, עמעצן כּדי צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט. ־עניש.

אונטערשטאַרקן — טרוו. שטאַרק אונטער, ~געשטאַרקט. 1. אַ בּיסל, צו בּיסלעך מאַכן עמעצן (עפּעס) שטאַרקער. א, דעם פֿאַרחלשטן. א, דעם פֿאַרהונגערטן מיט אַ שטיקל בּרויט. ,,ער האָט זיו געסטאַרעט מיט די גרעסטע מענטשנליבּע א, זיי די הערצער מיט בּראַנדווײַן, צעמישט מיט הייסע וואַסער,,, [אמד□],

יוסף דער יתום, ווילנע 1865. א, אַ געטראַנק
מיט אַ ביסל אַלקאָהאָל. 2. אַ ביסל פֿאַרשטאַרקן,
מאַכן בעסער. א, די שול מיט אַ נײַעם לערער.
א, דעם פֿראָנט מיט נאָך אַ דיוויזיע. א, די
באַשולדיקונג. 3. אויפֿמונטערן, צוגעבן אַ ביסל
מוט. א, דעם פֿאַרייִאושטן מיט אַ פֿרײַנדלעך
טרייסטוואָרט. אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־עכץ
— אויך מיט וואָס מע שטאַרקט אונטער. געבן
עמעצן אַ לאָבונג, אַן א'.

~□ יבל. קלענערע שטוב; זײַטיק צימער
אונט רשטוב — די, ־ן, ~שטיבער פֿקפֿ:

.

אין אַ דירה פֿון אַ סך צימערן. הינטערשטוב.
,,אַפֿילו אין אַלע א'ן און אין אַלע
אייבערשטובן וועט מען קיין הונדערט־טייל פֿון דעם
עולם אויך ניט קענען זמיעשטשען,,, יעקל
מאָרגנשטערן, ר, חצקעלע, וואַרשע 1882. ־יק
— אַדי.

אונטערשטודירן — טרוו. ־דיר אונטער,
~(גע)שטודירט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט שטודירן. אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג און א,
אין די אָוונטן מאַטעמאַטיק. 2. נאָך אַ ביסל
שטודירן. א, געשיכטע פֿאַרן עקזאַמען. א, די

ראָלע. ־ונג.

אונטערשטויבּן

אונטערשטויבּן — טרוו. שטויבּ אונטער, ~געשטויבּט. 1. אַ בּיסל, צו בּיסלעך מאַכן ריין פֿון שטויבּ, אַ בּיסל אָפּשטויבּן. א, די בּיכער, דעם טיש. 2. שטויבּן פֿון אונטן. א, כאָטש די אונטערשטע פּאָליצע(ס) ־עניש.

.

אונטערשטויסן — טרוו. שטויס אונטער, ~ געשטויסן. 1. אַ בּיסל, צו בּיסלעך שטויסן, שטופּן (עמעצן, עפּעס). א, די מצה אין סטופּע. א, דעם אָקס, ער זאָל גיין. „געוואַלד, ראַטעוועט! ...האָט איינער דעם אַנדערן אָנגעהויבּן אונטערצושטויסן“, וויַס, 'חיים אַהרן'. 2. שטויסן, בּריקען פֿון אונטן. א, דעם בּאַלעם. א, עמעצן אין זיַט־מיר־מוחל. 3. מאַכן אַ בּאַוועגונג אויף אונטן. אַרונטערלאָזן. „האָט איין בּיקשׂ [= קעסטעלע] פֿר בּאָרגן, דא דיא לײַט האבּן לון [= לוין] דריין גיווארפֿן, אונ, ווען איינשׂ האָט ניט גיהאט דא האבּין זיא דיא האַנד אַן אונטר גישטאָסן“, בּראַנט.

4. אונטערטרײַבּן. בּאַוועגן עמעצן עפּעס צו

טאָן, געבן אַן אימפּולס. א, דעם פּויליאַק ער זאָל פֿאַרענדיקן די אַרבעט. א, דעם קמצן ער זאָל געבן אויך מעות־חיטים. אויך מיט ז י ך.
~שטויס, דער. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.

אונטערשטומען — אוטוו. שטום אונטער, ~געשטומט. 1. פֿון צײַט צו צײַט שווײַגן, ניט וועלן רעדן. א, ווען מע ריכט זיך צו הערן קלאָרע דיבורים. 2. שווײַגן פֿאַרעקשנט, ניט וועלן ענטפֿערן. „גענוג אונטערצושטומען. זאָג — יאָ צי ניין„, רייד. ־עניש.

אונטערשטופּן — טרוו. שטופּ אונטער, ~ געשטופּט. 1. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן שטויסן, רוקן עפּעס פֿון אָרט מיט אַ האַנט (הענט, פּלייצע, גאַנצן קערפּער). א, דעם וואָגן באַרג אַרויף. *א, דעם וואָגן = העלפֿן אין דער
-

חיונה, בײַ אַן אַרבעט, בײַ אַן אדנטערנעמונג.
2. שטופּן פֿון הינטן, פֿון אַ זײַט, פֿון אונטן. אונטעררוקן. א, דעם בריוו אונטער דער טיר. „העלפֿט אים, שטופּט אונטער דאָס וועגעלע פֿון הינטן„, ממוס, שלמה. “עפּעס נאָר ווי צען טויזנט רוחות וואָלטן אים, דעם לאָקאָ אָטיוו,

אונטערגעשטופּט פֿון הינטן", שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.

3. מאַכן (כּסדר, צו בּיסלעך אָדער מיטאַמאָל) עס זאָל זיך בּאַוועגן. „שטופּט אונטער די וואָלקנס מיט אַ געטימל און שפּרייט זיי דאָרטן אויס אין הימל", ממוס, שירה. „איין פֿאַליע שטופּט אונטער די צווייטע„, פּרץ, 'די טויטע שטאָט'. „די ווענטלעך...פֿון די אַרטעריעס אַרבּעטן אויך... און שטופּן אונטער דאָס בּלוט„, ד. מאָרדפֿין, די לערע פֿון לעבּן, בּערלין 1898.

4. אַרײַנשטופּן, אַרײַנרוקן עפּעס אין די הענט אַרײַן. געבּן בּשתּיקה. א אַ מתּנה, אַ נדבֿה. א,

כּאַבּאַר. "האָט ער איר געוואָלט א אַ גאַנצן

טויזנטער", יצחק משה בּאַדער, צביה פֿון אַדעסאַ, לעמבּערג 1905. „זי האָט אים אַפֿילו אַ צײַט לאַנג יעדע וואָך אונטערגעשטופּט די

עטלעכע דאָלער„, פֿאָר, 28 ׳ 1964 II.

5. בּרענגען (עמעצן, עפּעס) נאָענט, נעענטער. א, אים אַ חבֿר, ער זאָל ניט שטענדיק זיצן אַליין. א, אים אַ ספֿר, ער זאָל אַהין אַרײַנקוקן. א אַ

גוט געשעפֿטל. „צו זײַן בּר־מצווה האָט ער

אויס788

געקוקט ווי אַ חתן־בחור, כאָטש נעם און שטופּ
אים אונטער אַ כלה"', פֿאָר, 15 1964 III.
6. צואַײלן, אונטעראײַלן. א, די אַרבעט, דעם
פּראָיעקט. א, די אַרבעטער.
7. באַוועגן צו עפּעס, אינספּירירן. מיט
פֿראַגעס א, די תּלמידים, זיי זאָלן טראַכטן. מיט אַ
פֿלאַמיקער דרשה א', מע זאָל באַשליסן. „אַליין
קען איר מאַן צו גאָרניט דערגרייכן, מע דאַרף
אים א'„, חג, טמז, 30 1965 ◻I. „און עס קען
נייטיק זײַן זי [די אַדמיניסטראַציע]
אונטערצושטופּן צו מער ליבעראַליזם"', בצג, טמז,
◻30 19 X.
8. (וועלן) זײַן באַהילפֿיק (מיט מאַטעריעלע
מיטלען, פּראָטעקציע, לויב, רעקלאַמע אדגל).
א אַ קאַנדידאַט. א אַ יונגן טאַלאַנט מיט אַ
ֽ ֽ
גוטן אָפּרוף, גוטער רעצענזיע אאַ. „לויפּט ניט
נאָך טעאַטראַלע זכות־אָבֿות, [מע] זאָל אים העלפֿן
...אים א,"', מנק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.
*דער נאַר האָט אים אונטערגעשטופּט = זײַן
אייגעגע נאַרישקייט האָט אים געשטויסן צו טאָן

אָדער צו זאָגן עפּעס וואָס איז זייער נאַריש.
*דער נאַר שטופּט אים אונטער [= דה ער ווײַזט אַרויס זײַן נאַרישקייט] און ער לאַכט. אויך מיט ז י ך.
~שטופּ, דער. ־עכץ. ־עניש.
אונטערשטופּער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס שטופּט אונטער, ספּעצ, בּבּ 5־8. די קאַנדידאַטן און זייערע א'ס. „זי איז דעם מאַנס א'קע„, רייד פּראָטעקטאָר, שטיצער. „טאָמער הערט אונטער...עמעצער פֿון זײַנע א'ס„, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק. ״זײַנע מיליאָנערסקע א'ס זײַנען צו אים געוואָרן אָפּגעקילט״, בּ. שעפֿנער, פֿאָר, 26 1964. „זײַנע א'ס האָבן געשטופּט אַ וואָגן אָן רעדער״, יג, טמז, 13 IX 1957. ־ערײַ.
אונטערשטופּעריש — אַדי. וואָס איז אין דער טבֿע (נאַטור) פֿון אַן אונטערשטופּער. א'ע רעקלאַמע. א'ע גענגעלעך.
אונטערשטוקעווען — טרוו. ־קעווע אונטער, ~געשטוקעווע. 1. וגעבּן, צונייען פֿון אונטן. מאַכן אַז (אין) אַ בּגד זאָל ווערן לענגער דורך צוזעצן אַ שטיק פֿון אונטן. א, אויף אַן אופֿן עס זאָל ניט זײַן קאָנטיק. א, די אַרבּל.

א אַ קליידל, דאָס קאַפּאָטקעלע אע. 2.
צושטו,
קעווען. א, אַ לאַטקעלע. 3. צוקלאַפּו, צושטעלן.
א אַ ברעט, אַ לײַסטל. א אַ שויב. 4.
צו, ,

פּראַווען. א, דעם באָרשט מיט האַרט איי. א,
די פּיסנע פֿיש מיט מערעלעך. 5. פֿיג. א, די
פּרנסה מיט אַ זײַטיק פֿאַרדינסטל. א, די
בעליבתּישקייט מיט שטריקן.
אונטערשטורכען — דזוו אונטערשטאָרכען.
אונטערשטו — ן — דער. מצ נב. געהילף
פֿון שטורמאַן אין אַ מאַנשאַפֿט אויף אַ שיף.
אונטערשטורעמען — אוטוו. ־רעם אונטער,
~געשטורעמט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט באַהערשט ווערן פֿון אַ שטורעם, זײַן אין
צושטאַנד פֿון שטורעם. דער ים שטורעמט
אונטער. „די ים־רײַזע איז אַדורך בשלום, ע ס האָט
בלויז פֿון צײַט צו צײַט אונטערגעשטורעמט“,
רייד. 2. פֿון צײַט צו צײַט מיט געטומל

אַרויסאונטערשטיי'ן

ווײַזן שטאַרקע געפֿילן, אויפֿרעגונג. א, פֿון

צאָרן פֿון גרויס התלהבֿות.

,

אונטערשטורקען — טרוו. ־קע אונטער, ~געשטורקעט. 1. אויך אוטוו. דזוו אונטערשטורכען, אונטערשטאָרכען. א, (אין) די זײַטן. א, דאָס פֿערדל, די אָקסן. „מיט מיר האָבן די חבֿרה־לײַט אונטערקאָמאַנדעוועט, מיך מושטירט און אונטערגעשטורקעט„, י. טיגער, צדיק און בעל־תּשובֿה. 2. אונטערשטופּן, אונטערטרײַבן עפּעס צו טאָן. א, דעם פֿויל אַק. „אַ ביסל האָבן

,

אים אויך אונטערגעשטורקעט די קינדער וואָס האָבן געהאַט גרויסע אַמביציעס„, ש. וניגאָדאַ, פֿאָר, 1964 ־י 3.

אונטערשטותעווען — אוטוו. ־תעווע אונטער, ~געשטותעוועט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט רעדן אָדער באַגיין נאַרישקייטן, שטותערײַען. שפּילן דעם נאַר און א'.

אונטערשטיבל — דאָס, ־עך. 1. קליין, זײַטיק צימערל אין אַ דירה. [געקענט זײַן אָן פֿענצטער.] הינטערשטיבל. סאַראַ אומצוכט אין א'! „והמגיד היה דר בבֿית קטן...הנקרא א',„ שבֿחי בעש"ט, קאָפּוסט 1815. „קום דו מיט מיר, ווען מיר אין א, אויסקוועטשן דעם האָניק",

יאַ, די גענאַרטע וועלט. 2. שטוב, שטיבל זיך צו באַהאַלטן. „דעם רבין אַליין האָט מען אין וועג אַרויסגעכאַפּט און אויפֿגעראָמט אין אַ אַרײַן„, גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. 3. צימער, שטוב וואָס איז אונטן. „אַז די ערשטע אויגנבליקן פֿון ווידערזען זײַנען איבערגעגאַנגען, זײַנען אַלע אַראָפּגעגאַנגען אין דעם א'„, קמ, 1864, No 31.

4. הינטן. „די געוויסע סקאַרבאָווע חדרלידלעך: 'געשמיסענער ת... ער מיט די לאַנגע ברכות. וואָס איז דיר אויסן? דער ת... דיר אין דרויסן. גוואַלד, גוואַלו, ברעכט די הענט — דאָס א'עלע אָפּגעברענט'„, קל [ייִל, ניט טויט ניט לעבעדיק, ווילנע תּרנ„ח].

אונטערשטיברעווען — טרוו. ־רעווע אונטער, ~געשטיברעוועט. ל2. 1. שטעלן, אַוועקשטעלן עפּעס פֿון אונטן. א אַ בענקעלע אונטער די פֿיס.

,

2. אונטערשטיצן, אונטערשפּאַרן (מיט אַ סלופּ, דראָנג אע). א, מיט שטאַנגען דעם פּלויט וואָס האַלט אין אײַנפֿאַלן.

או'נטערשטיין — אוטוו. שטיי אונטער, ב י ן ~געשטאַנען. 1. שטיין אַ קורצע צײַט אויף די פֿיס (בײַם וואַרטן, בעת אַנדערע זיצן אָדער ליגן). „באַמיט זיך ניט, איר דאַרפֿט ניט צורוקן

דעם שטול, איך וועל א', ס'מאַכט ניט אויס“.
2. שטיין צו ביסלעך. „מיר'ן זיך בײַטן. זיצט,
מיר'ן א„. דערנאָך וועלן מיר זיך זעצן און איר
וועט במחילה א'„. 3. לאָזן שטיין, אויסשטיין,
כּדי עס זאָל בעסער ווערן. „ווען די מאַרינירטע
הערינג וועלן א, אַ מעת־לעת אָדער צוויי, וועלן
זיי זײַן באַטעמטער“, רייד. 4. זײַן, בלײַבן אַ
קורצע צײַט. „וועסט דאָרטן א, אַ פּאָר טעג און
זען: יאָ — יאָ, ניט — ניט“, רייד.

אונטערשטיי'ן — אוטוו & טרוו □ ~שטיי',
בּ י ן & ה אָ בּ ~שטאַנען (אויך: שטיי אונטער,
~געשטאַנען). un(ler‾st□n .Mhd □]. דזוו
אונטערשטיין זיך, ← דזוו. „ניט אונטערשטיי,
דאָס צו טאָן!“ „געהאַט די חוצפּה צו
אונטערשטיי'ן“ — אין טייל זאַמעט און קורלאַנד [זק,

אונטערשטיי'ן זיר

'דער ייִדישער דיאַלעקט אין קורלאַנד', פּש I
— אונטערשטיי'ן זיך, וואָס מע האָט געהערט
אָפּטער.] „אַדוואָקאַטן...סעקרעטאַרן שטייען ניט
אונטער מיר איבּערצוריידן“; „האָט דער לייבּ
אָנגעפֿאַנגען דעם גאַנצן געמיין צו פֿרעגן די

אורזאַך פֿון דעם א', דאָס זי [די צי□] האָט זיך
גאָרניט געוויזן“, לעווין אַבֿרהס ליאָנדאָר, איין
נײַער קינסטליכער בּש, ווילנע 1844. „אַ פּראָסט
בּשׂר־ודם וואָלט אין אַזאַ מתנגדיש שטעטל גיט
אונטערגעשטאַנען אַזוינס צו טאָן„, פּרץ,
פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.
2. טרוו. זן. פֿ אַ רשטיין. „דאַרום איז איין
איטליכער מחויבֿ צו טראַכטן אונ, זאָל עשׂ אונטר
שטיין דאשׂ ער זײַן פֿאָטר אודר זײַן מוטר
ניט מצער איז מיט קיינרלייא זאַכן“, לט1, צ/ב.
אונטערשטיי'ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך
דערוועגן עפּעס צו טאָן מיט חוצפּה. מעיז זײַן.
„זאָלסט זיך ניט א, דאָס צו טאָן!„ „ווי קען מען
זיך א, אַזאַ זאַך צו טאָן„, ייִפֿאַ, 2 1939, No.
„אַוועק פֿון מיר דו זאָלסט דיך נישט א, מיך
אָנצורירן„, פּרינצעסין עדינאַ, וואַרשע 1882.
„אַז ישׂראל זײַנן אויש מצרים גיגנגין, האָט זיך
קיין אומה אין עולם אונטר שטאַנין מלחמה צו
האַלטין קיגן ישׂראל„, נצ1, ויקרא, ב/א. „וויא
זאָלשׂטו דיך אונטר שטין זאָלכי ליגן פֿאָר צו
בּרענגן„, 'אַ פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה„ 1732
[וואַכשטיין־בּוך]. „האָט ער עס [דאָס ספֿר□]
אַרויסגעכאַפּט און האָט עס צעריסן, עס זאָל
עפּעס רעכט זײַן, האָט זיך דער אַוודאי ניט

אונטערגעשטאַנען, ער זאָל עס צערײַסן,,, יפּ.
,,וועלכר נוצרי זיך אונטרשטיהט איין יהודי צו
פֿערבערגין אין זײַן הויז אַחת דתו להמית,,,

מע􀀀tזה אומן, פֿיורדא 1783 [הש I]. ,,ווער פֿון
אײַך עס וועט זיך א, דאָס מיידל אָנצורירן —
דער מוז אויפֿן אָרט געהרגעט ווערן,,, חתן המלך,
פּשעמישל תּר,,ע. ,,ווי אונטערשטייט ער זיך צו
קריטיזירן איבער איין ווערק המהולל בפֿי חכמי
לבֿ,,, ווז, 'בריוו צו זײַן ברודער מאיר, [פֿש II].
,,קיינער אין דער ייִדישער קריטיק וועט זיך נישט
א, צו האָבן אַן אַנדער מיינונג ווי פּרץ,,, ייִט,
טמז, XI 1959 28.
2. זיך אונטערנעמען עפּעס צו טאָן מיט מוט,
מיט באַהאַרצטקייט; זיך אָננעמען מיט מוט. תּי
פֿאַרטײַטשט 'הואַלתי לדבר..., (בראשית, יח,
27): ,,איך אונטערשטיי מיך צו רעדן‘‘. ‘‘קיינר
דער זיך קענט אונטר שטין צו גין אין דער
מערת המכפלה...דען מיר פֿאָרכטן זיך‘‘, נצ1,
ויקרא, ז/א. ,,טאָר זיך דער מענטש צו קלערן
א, ווײַטער ווי ער מעג מיט זײַן שׂכל שטרעקן?,,,
עט, לידער. ,,אַנטשולדיקט מיך וואָס איך
אונטערשטיי זיך צו קומען אײַך האַלטן אַ רעדע,
זײַענדיק אַ פֿרעמדער,,, ווינטש I. ,,זײַנע אַרבעטער
אונטערשטייען זיך צו האָבן אַן אייגענע

מיינונג,,, ימ איבז, ייִנגל און מיידל, ריגע 1929.

3. זיך אונטערנעמען עפּעס צו טאָן איבּער די כּוחות. ,,ער...אונטר שטיט זיך מער צו טון אַז זײַן פֿאַר מעגן איז“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, מח, 30. ,,בּאַרימט ער זיך: איך אונטערשטיי מיך צו לויפֿן דרײַ מײַל פֿאַר די פֿערד, ווען זיי שטאַרק לויפֿן,,, ר, אַהרן מטריבֿש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תר,,ג. ,,אַן אַרבּעטסמאַן...וועט זיך ניט א, בּאַשטעלן מאַכן

, 9

פֿאַר זיו אַ בּגד, אַ שוך“, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּנרזשואַזיע, וואַרשע 1906.

4. זיך אונטערנעמען (צו טאָן אַ שווערע זאַך). ,,נאָך דעם איך ור שטאַנדן דשׂ איר לושׂט אונ, בּיגיר האבּט צו דעם ספֿר מידות, זאָ האבּ איך מיך אונטר שטאַנדן...אונ, האבּ עז אַם טאָג גיבּראַכט“, ספֿר מידות, אין נאָכוואָרט. ,,מיר האָבּן די קלאַגן אַרויסגעזאָגט...איר האָט אײַך אונטערגעשטאַנען זיי צו פֿאַרענטפֿערן און זיי גערעכט צו מאַכן,,, קמ, 17 l864, No.

5. דערוועגן זיך, זיך אײַנשטעלן, זיך אונטערשטעלן צו טאָן עפּעס וואָס איז ניט

אָנגענומען, ניט לויט אײַנגעשטעלטע פּירונגען, עפּעס וואָס פּאַסט ניט. „אין דיזי צײַטן האָט זיך איטליכר אונטר שטאַנדין אום (קידושין אונ, גט) צו געבּן, ווען זיא ניט גווישׂט האבּן דיא (דינים) דר פֿון„, שאַר, קיז. „איין טייל ווײַבער רייצט דער יצר־הרע אָן, דאָס זיי זאָלן זעלכע זאַכן זאָגן, דאָס זיך אַפֿילו די גרעסטע לומדים ניט א, צו זאָגן, דהײַנו: כּתר מלכות, שיר היחוד לבֿני משה“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „איך דאַרף מיר אַזעלכעס ניט א, פֿאַר דעם בּעל־הבּית“, א. פּאַוויר, ספּורי הפֿלאות, וואַרשע 1844. „דאָך האָט זיך קיינער דאַרפֿן א אַ

,

▯

וואָרט צו ריידן זונדערער רשות“, מעסtה השס, לוואָוו תּרכ„ו. “דער סוחר וואָס אונטערשטייט זיך נאָך הײַנט צו בּרענגען קאַרפֿיער אתרוגים„, יהודא לייבּוש קאָרעטץ, דער אתרוג, דראָהאָבּיטש l899. „אַרויסגעוואָרפֿן בּחורים וואָס זענען זיך אונטערשטאַנען צו טראָגן לאַנגע הויזן און שטײַפֿע קעלנערלעך„, יי▯ו, טאָג, 8 1957 X.

6. דזוו בּבּ 1, 5. כאַראַקטעריסטישער טערמין

אין תּקנות פֿון קהילות, אין פּנקסים, בײַם
פֿאַרווערן עפּעס. „ווערכר זיך אונטר שטעהן ווערט
זײַן כּפּרה איבּר דיא גאַס צו שיקין שחטן צו
לאזין...ווערט מן תּיכף קנסנין איהם אַרבּע ר״ט
[= רײַכסטאָלער], 'פּנקס קהלת אה״ו', תּפּ״ד
(1724) [ייִבֿל XXXIII, 116]. „קיינר זיך אונטר
שטין זאָלי...איין קונה בּשוק הן יהודים או אינו
יהודים און גצימטע וואָרטן צו געבּן„, 'פּראָגער
תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ„ז (1767) [ייִבֿל I,
5]. „עש זאָלי בּקנס גדול פֿרבּאָטין זײַן, דש
אַף בּשעת נשׂואין ח„ו קיין איש או בּחור ונער
עם אשה בּעולת איש צו טאַנצין זיך אונטרשטין
זאָלי„, 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה
יצ„ו מיום הועד נ״ע [נידרענהיים], מן כא אייר,
תּקל„ז, (1777). „די חבֿרא האָט אים דאָס אַלעס
פֿארגעבּן, און עס זאָל קיין איינציקער זיך
... -
נישט א, א פֿאַרוואורף צו מאַכן“ פֿון אַ פּנקס
—
,
פֿון אַ חבֿרה אין קויִאַווע, סוף 19. י„ה [ש.
ווינטער, ייִבֿל 1 XIII-].
אונטערשטייניקן — טרוו. -ניק אונטער, ~
געשטייניקט. נעאָל. פֿאַרפֿעסטיקן פֿון אונטן מיט

שטיינער. א, דעם פֿונדאַמענט.
אונטערשטיי'עניש — דאָס (די), ־ן. 1.
פּראָצעס פֿון אונטערשטיי'ן. 2. ספּעצ. לאָקל
(וולאָצלאַוועק). דרייסטקייט, העזה. „אַן א, פֿון
אַ מענטש מיר אַזוינס אָנצושלאָגן“ [ייִפּאַ, 1939,
No □].

-

אונטערשטײַסן — טרוו. שטײַף אונטער,
~געשטײַפֿט. אַ ביסל, צו ביסלעך מאַכן שטײַף

אונטערשטיצונג .

(שטײַפֿער). א, די לאַצן מיט שטײַפֿלײַוונט. א,
דעם קאָלנער מיט קראָכמאַל. א, די בענדלעך
פֿון די שיך. *א, דעם פּאַסיק = אויך: ווייניקער
עסן, זײַן מער שפּאָרעוודיק. מיט ז י ך —
זיך אויסגלײַכן, זיך אויסציִען. ־ונג.
אונטערשטילן — טרוו. שטיל אונטער, ~
געשטילט. 1. אַ ביסל, צו ביסלעך אײַנשטילן,
באַרואיקן, א, דאָס קינד. א, די ווייטיקן מיט
אַספּירין. 2. ספּעצ. געבן אַ ביסל צו זייגן פֿון
דער ברוסט. א, דאָס עופֿעלע.

אונטערשטים — די, ־ען. 1. גאָר אַ טיפֿע
באַסאָווע שטים. אַ בּויכשטים. 2. (בּײַ
בּעלימלאָכות אין אומאָפּהענגיקער ליטע) ווער עס
שטיצט אַ פֿאָרשלאָג גלײַך נאָך דעם ווי מע לייגט
אים פֿאָר. דער צווייטער צום אַרײַנבּרענגער פֿון
פֿאַרשלאָג פֿאַרשרײַבּט אַז איך בּין די א',,

,, .

רייד.

אונטערשטימען — טרוו. שטים אונטער,
~געשטימט. [אַנשטאָט 'נידערשטימען]
אָפּוואַרפֿן פֿאַרוואַרפֿן מיט אַ מערהייט שטימען.

— ,

,,מיר האָבּן געשטימט און אונטערגעשטימט דעם
פֿאָרשלאָג,,..

אונטערשטינק

— אוטוו. שטינק אונטער,
~געשטונקען. . כּסדר אָדער צו בּיסלעך
אַרויסגעבּן אַ שלעכטן ריח. א, ווי פֿאַרפֿוילטע
פֿיש, אייער אדגל. אויך פֿיג. פֿון ד ם ענין (דער
גאַנצער מ פֿון צײַט צו צײַט אַרויסלאָזן אַ
שֹה) הייבּט שוין אָן
אונטערצושטינקען. .
נפֿיחה. 3. גראָבּ. בּמקום־ווערבּ פֿאַר ט אָ ן

עפּעס שלעכט, פֿאַלש, ניט־ראַיעל. אונטערמסרן.
„האָסט ניט געהאָלפֿן, האָסט גאָר

אונטערגעע4. אַזוי ווי בּ2, נאָר ז ײ ן פֿאַלש, שלעכט,
מאָשטונקען„. א, מיט בּייזוויליקע ליגנערישע רייד.

ראַליש פֿאַרדאָרבּן, אָפּגעשטאַנען; זײַן
אויסגעדער שרייַבער שטינקט שוין אונטער“ ־עכ ו.
וועפּט. „דײַן קאַנדידאָט שטינקט אונטער„. „אָט

־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשטיפּט — דער, ־ן. (
לאָגן פֿון
מעטאַל־
בּאַאַרבּעטונג). שטיפּט פֿלעקל צו בּאַש

אונטן. אַרײַנקלאַפּן אין אײַזן א'ן.

▯

אונטערשטיסן — אוטוו. שטיף אונטער, ~ געשטיפּט. צו בּיסלעך פֿון ציַיט צו ציַיט שטיפֿן.

,

א, ווי חבֿרה קלײנוואַרג אָן השגחה. מיט ז י ך — קזוו. „געררויכערט, געשפּאַסט און ליַיכט זיך אונטערגעשטיפּט אײנער מיט דעם צווייטן,„ ה. זאַלאָטאַראָוו, שריפֿטן I.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

־עריַי.

או'נטערשטיץ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אונטערשטיצן (←). „מיטן שטילן א, פֿון... דעפּאַרטמענט,„ בּצג, טמז, 1955 I ▯י 29. 2. דאָס מיט וואָס מע שטיצט אונטער. אַן א, פֿון עטלעכע קלעצער. אַן א, פֿאַר אַ דאַמבּע. 3. (סטאָליעריַי) ליַיסט, קלעצל, קלין, דריַיעק, געניצט צוצופֿעסטיקן.

אונטערשטיצונג — [וועגן אַקצענט ← או' נטערשטיצן, אונטערשטי'צן] די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערשטיצן. מאָראַלישע א'. א, פֿאַר אַ געזעץ, אַ פּראָיעקט, אַן אונטערנעמונג. 1. ספּעצ. אָנלען, אָנשפּאַר. „ליַיכטע

איבּונגען אויף מכשירים [פֿאַר גימנאַסטיק] און
קודם־כל איבּונגען מיט א', ד,,ה איבּונגען אויפֿן
'פֿערד'", פֿגעז, ווילנע 1925. 2 No 1. ספּעצ.
הילף, תּמיכה. ,,אייגענע [ייִדישע] שולן פֿאַר
וועלכע די רעגירונג גיט אַרויס א'־געלטער,,,
ייִפֿאָל, 23 1885, No. ,,אַלע לומדי־תּורה וואָס
זיצן דאַ און נייטיקן זיו אין א',,, חג, טמד,
25 IX 1964. ,,אַ ליסטע פֿון פֿרישע אַבּאָנענטן
און אויך פֿון א ִ אַבּאָנענטן,,, פֿגעז, פּאַריז 1950,
2 No־3.
או'נטערשטיצן — טרוו. שטיץ אונטער,
~געשטיצט. 1. אונטערשפּאַרן, אונטערלענען,
פֿאַרפֿעסטיקן. א, מיט סלופּעס דעם חרובֿן פּאַרקן.
א, דעם בּנין מיט אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט. ,,דער
ווײַן שטאָק...בּעדאַרף זײַלן דשׂ מן אין אונטר
שטיצן מוז,,, ר, אליקים ש"ץ מק"ק קאמדנא
איבּז, שבֿט יהודה, אַמשט 1770.
2. (אויס)העלפֿן מיט געלטמיטלען, מיט שפּײַז,
מיט אַנדערע לעבּנס־בּאַדערפֿענישן. א אַן
אָרע,
מען קרובֿ. א, יתומים און אַלמנות. א, קאַליקעס.
,,זבֿולון האָט געהאַנדלט און אונטערגעשטיצט

ישׂשכרן וואָס האָט באַגערט לערנען תּורה,,, ממוס, שלמה. ,,אין אַ נויט פֿלעגן מיר איינער דעם צווייטן אויסהעלפֿן, א, ווי ברידער,,, ממוס, ,שם און יפֿת,.

3. אַזוי ווי ב2, אָבער אויך העלפֿן מיט אינפֿאָרמאַציע, אָנווײַזן, לערנען. א, אָפּגעשטאַנענע תּלמידים, זיי זאָלן קענען מיטהאַלטן מיטן קלאַס. א, בײַם אַרויסקריגן די נייטיקע דאָקומענטן. ,,אונדזער אויפֿגאַבע איז דאָ [צוגרייטן]... פֿעאיקע ערד־ און פֿאַבריק אַרבעטער און זיי

-

א', ווען זיי וועלן עמיגרירן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,ער פֿלעגט א, שטרייקנד[יק]ע קוימענקערער, זוכן פֿאַר זיי מלאָכה,,, פֿאַרן זונאויפֿגאַנג, זשענעוו 1904.

4. קומען צו הילף, זיך אָננעמען פֿאַר אַ צד (אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן). א, דעם רבֿס צד. א, די אַרבעטער־באַוועגונג. א אַ פּאַרטיי בײַ

,

וואַלן. א, ייִדישן המשך. ,,מע זאָל א, דאָס ייִדנטום מיט אײַנקויפֿן ספֿרים וועלכע באַהאַנדלען דאָס ייִדנטום“, דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897.

5. פּראָטעזשירן. א, דעם אָנהייבער. א, דעם

בּחור וואָס זוכט אַ שטעל. א, איין פֿאָרעם פֿון
קונסט.

6. פֿאַרשטאַרקן. א, דעם אָנגריף מיט
קאַנאָנענפֿײַער. א, די פֿאַרטיידיקונג מיט נײַע בּאַװײַזן.

7. אַרויסוויַיזן אַז מען איז מסכּים, אַז מע
שטימט צו. א אַ פֿאָרשלאָג, אַ מיינונג, אַן
,
אידיי. „זיך אַנטזאַגט צו א, זייער פּראָטעסט“,
ש. ווינאָדאַ, פֿאָר, 26 ◻ 1964 II.

8. צוגעבּן מוט, אַרויסווײַזן פֿרײַנדלעכקייט.
„◻ע מעג [אין אַ שמיטה־יאָ◻] א, אַ געצנדינער
(דה אַז מע זעט אים — ער אַקערט אָדער ער
זייט, מעג מען אים זאָגן 'גאָט העלף, און
דעסגלײַכן),„ זרעים.
־עכץ. ־עניש.

אונטערשטי'צן — טרוו. ~שטי'ץ, ~שטי'צט.
דטשמ. זייער שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין ליטרש,
אויך אין רעדן, ספּעצ אין פּד. ← דפֿוו, בּבּ
2◻8. „זעט אײַנצוריכטן...צו א, אַלמנות מיט
יתומים...קאַליקעס...קימפּעטאָרינס; אויסרעכטונג

[פֿאַ▯] אָרעמע מתים“, ארז, קמ, 35 1866, No.
„זייעו הויז איז געווען פּתוח לרווחה...און
האָבּן אונטערשטיצט יעדן נויטכּאַדערפֿטיקן“,
אמד, דער אָפּעקון, ווילנע 1872.
אונטערשטיצער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס שטיצט אונטער, אַלע בּבּ. „דער
צווייטער דאָקומענט מאַכט ספּעציעל חוזק פֿון
די אומבּכּיוונדיקע א'ס פֿון נאַציזם,,, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן. „אַנשטאָט אַ שטערונג וועט
דער מאַן האָבּן אין זײַן ווײַבּ אַ העלפֿערין
און א'ין מיט גלײַכע געדאַנקען“, בּ.
פֿײַגענבּוים איבּז, א. בּעבּעל, די פֿרוי און דער
סאָציאַליזם. „צווישן די א'ס פֿון...פֿאָרשלאָג
זײַנען געווען...“, טמז, 28 X 1964. ־ערײַ.
אונטערשטיצעריש — אַדי. וואָס איז פֿון,
ווי בּײַ, אין דער טבֿע, דער נאַטור פֿון אַן
אונטערשטיצער. א'ע בּאַמיאונגען. א'ע
וואוילגינערישקייט. ־קייט.
אונטערשטיקל — דאָס, ־עך. 1. שטיקל
בּײַם עק. א, פֿון פֿיש. 2. אייפֿ פֿאַר ערלה.
„וואו וואַרפֿט מען אַוועק דאָס א'?„
או'נטערשטיקן — טרוו. שטיק אונטער, ~
געשטיקט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט העפֿטן,
אויסנייען. א, אַ פּרוכת פֿאַר דעם נײַעם

בּיתמדרש. „בּיז צו די תּנאָים שטיקט זי דערווײַל
אונטער אַ תּפֿילין־זעקל פֿאַר דעם חתן, נאָך
די תּנאָים וועט זי זיך נעמען צום טלית־זאַק“,
רייד. ־עכ▯ן.

אונטערשטי'קן — טרוו. ~שטי'ק, ~שטי'קט
[לויטן משקול פֿון אונטערדריי'קן ←]. ליטרש,
אויך אין רעדן, ספּעצ אין פּד. נר. דערדריקן,
דערשטיקן (בּיז אַ געוויסער מאָס). א, אַ
פֿאַרלאַנג. א אַן אויפֿשטאַנד ־ונג.

, .

אונטערשט▯ע — אַדי. [דער קלאַנג ר האָט
דאָ געווירקט אויפֿן איבּערגאַנג פֿון ס אין ש,
פֿרגל ערשט(־ע, ־ער, ־ן).] ▯ s־ler) ▯ גוIl: ▯ M.
'אונטערשט, אַליין, אָן אַן ענדונג טרעפֿט זיך
זן. עס קומען צו די ענדונגען פֿון אָדי:
־ע, ־ער, ־ן. לויט דער פֿאָרעם אַ סופּערלאַטיוו
פֿון אַן אַדי 'אונטער, וואָס ווערט ניט געניצט;
לויטן בּאַטײַט ניט שטענדיק אַ סופּערלאַטיוו.
זייער אָפֿט סובּסטאַנטיווירט. היפּוך פֿון
אייבּערשטע (פֿרגל).

1. (וועגן גלידער פֿון קערפּער) וואָס איז
נידעריקער ווי אַן אַנדער (גליד) פֿון אַ פּאָר
אָדער פֿון אַ צאָל אַנדערע (גלידער). די א'ע

ליפּ פֿאַרבײַסן די א'ע ליפּ. ,,די א'ע ליפּ

.

הענגט אים אַראָפּ,,, ממוס, ספֿר הבהמות. א'ע
ציין און אייבערשטע ציין. היילן, לאָזן
אַרויסרײַסן אַן א'ן צאָן. ,,טוליעט זיך צו די א'ע
שנײַדציין“, יאי, ייִשפּ XXI, 1. ,,א'ער מוילבייו,,,
ט. בעדלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927.
צעבראָכן די צוויי א'ע ריפּן. די א'ע קעמערלעך
פֿון האַרץ. א'ע הויט. דאָס א'ע פֿערטל הון.

2. וואָס איז אונטער אַ צווייטער זאַך אָדער
אַ צאָל זאַכן פֿון דעם זעלביקן סאָרט, מין,
קאַטעגאָריע. ,,ווײַבער צעשפּיליעט, נאָר אין
▯. א'ע קליידלעך,,, ממוס, ווינטשפֿ. א'ער קאַסטן,
שופֿלאָד. אַרויסשלעפּן די א'ע ברעט. ,,האָ▯ן,
האָץ — און אַריבערגעשפּרונגען דעם א'ן
קלאָץ“, פֿוול — וועגן עמעצן וואָס באַרימס

אונטערשטע

זיך מיט גרויסע אויפֿטוען און אין־דער־אמתן
קנאַפּ וואָס דערגרייכט. ,,(גיי) ריר דעם א'ן
קלאָץ (די א'ע בע'רוועגע),,, פֿוול — ס'איז
איבער (מײַנע, דײַנע) פֿיזישע כוחות אַזוינס
צו טאָן. דז ,,ריר דעם א'ן שטיין,,. ,,אונטער

דער פּרוכטבאַרער שיכט ערד ליגט אַ צווייטע
וואָס זי רופּט מען דער א'ער אַקערבאָדן,,,
מ. וועבער, דער יודישער פֿעלדאַרבײַטער,
וואַרשע 1891. ,,די חכמים האָבן געזאָגט, אַפֿילו
צען קליידער זענען פֿאַרשפּרייט אויף דער
ערד און דאָס א'ע איז שעטנז — טאָר מען
ניט זיצן אויף דעם,,, תּנחומא, שמות, וואַרשע
תּרמ,,ו.
א'ער ה י מ ל = וואָס איז אונטער די
אַנדערע הימלען [לויט דער פֿאָרשטעלונג אַז עס
זײַנען פֿאַראַן זיבן הימלעו]. ,,עשׂ איז קיין
פֿר ברגונג [= פֿאַרבאָרגונג] פֿר דער זון,
אַזו גאַר הייס איז זיא, דען וועו דיא זון
ווער אין אונטערשטן הימל — קענט מען ניט
בשטין [= באַשטיין] פֿר היץ,,, סהמ, תּהלים,
יט, 7. ,,אָן כּוונה ווערט עס [= די תּפֿילות]
אינגאַנצן אַראָפּגעשטופּט אַראָפּצו...אין דעם א'ן
הימל,,, תּניא, קנד. א'ער ג ן ־ ע ד ן = גן־עדן
התּחתּון, גן־עדן של מטה, וואו עס זײַנען
פֿאַראַן חושימדיקע תּענוגים, להיפּוך צום
גנעדן של מעלה נאָר מיט ריין־גײַסטיקע תּענוגים.
,,דיא קליידר וואשׂ מיר הבן גשריבן [= די
קליידער פֿאַר די רמ,,ח אבֿרים פֿאַר יעדער
מצוות־עשה וואָס מע טוט] די ברענגן נישט

פין [= מיין, מע] אַז אין אונטרשטן (גן־עדן) אַרײַן,,, עח, סז/ב. ,,אַן אומזיסטער חסד לעתיד בײַ תּחית המתים אין דעם א'ן און אייבּערשטן גן־עדן“, תּניא, רן. א'ע ו ו ע ל ט (ן) = די ערדישע וועלט אין וועלכער מיר לעבּן, די וועלט פֿון ע שׂ י ה (לויט קבּלה) אָדער די ביידע נידעריקערע וועלטן פֿון י צ י ר ה און עשׂיה, להיפּוך צו די וועלטן פֿון אַצילות און בּריאה. ,,הקבּ“ה האָט אַלי עולמות בּשפֿין מיט די אותיות התּורה אונ, האָט בּשאפֿין... די אונטרשטן עולמות אין גישטאַלט פֿון דיא איבּרשטין“, נצ1, ה/ד. ,,די ליכטיקייט פֿון אין־סוף בּ“ה פֿילט אָן די גאַנצע א'ע וועלט,,, תּניא, יא.

3. וואָס איז אונטן אָדער גאָר אונטו. וואָס איז נידעריק, ניד ריקער אָדער צום נידעריקסטן. דאָס א, פֿון בּרויט. די א, הערינג פֿון פֿאַס. די א, קלעצער זײַנען נאַס. די א, שיכט פֿון דער ערד. אַ רעקל מיט צוויי א'ע קעשענעס און מיט איין אייבּערשטער קעשענע פֿאַרנייען די א'ע לעכער. *א'ער אַ ר בּ ל .
= טייל אַרבּל פֿון עלנבּויגן בּיז אַראָפּ. ,,איין א'ע ד י ר ה פֿון 7 שיינע, ליכטיקע,

אויסשפּאַלירטע צימער“, קמ, 17 1864, No, מודעות.
„לאָזט זיך אויס אַז וואוינען ווּאוינט ער
ערגעץ אינעם א'ן ג אָ ר ן בײַ אַלדי שוואַרציאָר„,
ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. “די א'ע דירה
פֿאַרשפּעטיקט מען קיינמאָל נישט„, שוו =
שטאַרבֿן האָט מען צײַט. „אויז דער אונטירשטי
ווײַבֿיר שול זענין אַך די ווײַבֿר גילעגין מיט
גרויש גידרענג„, גה, 327. „קייני זול ווײַטר
אַליינט גין אין קיין גוי הויז, זייא דען
[= סײַדן] אין אונטערשטין פֿיר הויז, דז

אונטערשטעכן

אָפּן איז אויף די ג[אַ]ס אויף דער ערד„,
,תּקנות חכמי ומנהיגי ק“ק פּראַג„ שע“ב (1612).
א'ער סייל שטאָט, א'ע פֿאָרשטאָט. דאָס
א'ע לאַנד אע = וואָס געפֿינט זיך נידעריקער,
בײַם וואַסער, צופֿוסנס פֿון אַ באַרג אדגל.
פֿיג. „דאָס אייבֿערשטע קלייד פֿאַרדעקט די
א'ע לייד„, שוו.
א'ער ג אַ נ ג אָדער ל ו י ף פֿון אַ טײַך.
דער לעצטער, דער נידעריקסטער טייל פֿון אַ
טײַך. „האָבן פֿאַרנומען די רעכטע זײַט פֿון
דעם א'ן לויף פֿון מערבֿ־דווינע„, „איבֿערן

א'ן גאַנג פֿון ניעמאַן און זײַנע נעבנפֿלוסן...
האָט געוואוינט דער זאַמעט־שבֿט,,, ליטא, זב,
ווילנע 1914.

4. וואָס איז סאָציאַל נידעריק(ע▯). א'ע
שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. דער א'ער קלאַס
אין דער געזעלשאַפֿט. ,,ס'איז אַ גלגל החוזר:
דאָס א, ווערט דאָס אייבערשטע,,, רייד. *דאָס
א'ע פֿון שטייסל = דאָס וואָס איז גאָר קליין,
צעשטויסן; די נידעריקע אין דער געזעלשאַפֿט,
להיפּוך צו דאָס אייבערשטע (←.) פֿון שטייסל.

5. וואָס איז אויף דער ערד, איז ערדיש
(להיפּוך צו דעם וואָס איז איבער דער ערד,
אין הימל). א'ע גשמיותדיקע זאַכן. ,,...
שפּרייטונג צווישן וושׂר, עז מיינט אַזו: ער שיידט
צווישן דען אובּרשטי וושׂר אונ, אונטרשטי
וושׂר,,, טח, בּראשית א, 6, רשי. ,,איך [אליהו
הנבֿיא]...וועל דיר אַנטדעקן אַלע אייבּערשטע
סודות און א'ע סודות", שבֿחי האַר"י [
קעניגסבּערג, יאָר▯]. ,,דאָס אַלץ [האָט כּבֿיכול
געטאָן] צוליבּ דער ליבּשאַפֿט צו דעם א'ן מענטש
בּדי אים צו דערהייבּן צו גאָט,,, תּניא, 60.
די א'ע = די מענטשן. ,,קומען די העכערע
הערן חידושי־תּורה פֿון די א'ע, וואָס זיי
זײַנען מחדש און אַנטפּלעקן,,, תּניא, קמה.

,,איינר דער דא אובן איז שט[אַ]רקר ווערד
דער אונטרשטר", סהמ, איובֿ, מא, 26.
6. וואָס איז שוואַכער, מיט אַ נידעריקערן
גײַסטיקן ווערט. א'ע צ ד ק ה, א'ע תּ ש ו בֿ ה
— אויף דעם נידעריקערן, שוואַכערן שטאַפּל.
,,די חכמות וואָס מע באַדאַרף זיי...פֿון דער
וועלט וועגן — דאָס איז די א'ע חכמה", חה, 4.
7. לעצט, וואָס איז צום לעצטן. די א'ע
(אין דער) ריי. ,,און אין דעם א'ן טאָג פֿון
דעם יאָר זאָלסטו פֿאַסטן און זאָלסט ניט
שלאָפֿן דעם גאַנצן מעת־לעת", נחב, 'מעשׂה
מאבֿידת בת־מלך'. ,,איך טו צו דיר תּפֿילה...
אין דעם טאָג, דער דא איז דער א, טאָג
פֿון דעם גמר פֿון דער חתימה,, [פֿון אַ תּחינה
פֿאַר הושענא־רבה], איין נײַע שס תּחינה, ששה
סדרים, פּיעטריקאָוו 1881 פֿון אַן אָרעמאַן
.,,
אָבער שטייט אָפּ אַפֿילו דער א'ער קרובֿ,,,
מ▯, משלי, תּקע,,ד, יט, 4.
8. הינטערשטע(ר). [אין דרומדיקע רר וואָס
האָבן ניט קיין ה.] אַרײַנגיין דורך דער א'ער
טיר. דעם פֿערדס א'ע פֿיס. ,,...האָט
אַרויסגענומען פֿון דער א'ער קעשענע זײַן
לילקעציבעך", י. ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה

בֿערלינער, לוואָוו 1896.

*דאָס א'ע פֿון בֿ ע נ ט ש ן = א) דאָס וואָס איז וויי□יק וויכטיק, אויף וואָס מע לייגט וויינ'יק אַכט [מע כאַפּט אָ□]. ,,די צרות וואָס

791

מיר האָבֿן פֿון דעם פֿלייש איז דאָס א, פֿון בֿ□נטשן. עס איז דאָ נאָך און נאָך,,, קמ, 44 l867, No; בֿ) דאָס וואָס רופֿט אַרויס אָנזען [ווײַל בײַם סוף פֿון בֿענטשן איז פֿאַראַן: 'ונמצא חן וחסד טובֿ בֿעיני אלהים ואָדם□]. זײַן בײַ עמעצן דאָס אייבֿערשטע פֿון שטייסל און דאָס א'ע פֿון בֿענטשן. [בײַ שע, שפּאַסיק: איך בין בײַ זיי דאָס אייבֿערשטע פֿון שטייסל, ס'מיטלסטע פֿון כריין און דאָס א'ע פֿון בֿענטשן□]

אונטערשטעכן — טרוו. שטעך אונטער, ~ געשטאָכן. 1. צו בֿיסלעך, מיט איבֿעררײַסן שטעכן עפּעס (אין עפּעס). פֿאַרבֿײַרײַטן און א, די פּיקעס אין די שטרויזעק. א, די שטרויזעק. 2. שטעכן פֿון אוגטן. א, דאָס קלייד מיט שפּילקעלעך (בײַם פּאַסן). א, דעם בֿויך

מיט אַ מעסער. 3. מיט שאַרפֿע רייד, מיט שטעכווערטלעך אַרײַנזאָגן, באַליידיקן אָדער ווירקן מע זאָל עפּעס טאָן. א, ווי מיט שפּילקעס (נאָדלען). „חבֿרה האָבן אים אונטערגעשטאָכן, האָט ער גענומען זיך קאָכן„, רייד.
א, עמעצן זײַן האָנער. 4. (קצבֿיש) אָפּסיילן דעם פֿרייד(יק) פֿון דעם זאָד(יק). ־עניש.
אונטערשטעל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אונטערשטעלן (←). 2. ספּעצ. דאָס וואָס מע שטעלט אונטער. אַ טעלער ווי אַן א, פֿאַר דער שיסל מיט זופּ. א, פֿאַר אַ טאָפּ. אַן א, פֿאַר אַ טאַץ מיט פֿרוכט. „די בעסטע זויגפֿלעשלעך זײַנען אַזעלבע וואָס האָבן די פֿאָרעם פֿון אַ באַר, אָבער זיי שטייען ניט און מע מוז פֿאַר זיי אַלעמאָל האָבן אַ ספּעציעלן א'„, פֿגעז, ווילנע 3 .8 1925, No. ספּעצ. עפּעס וואָס ניצט ווי אַן אָנשפּאַר (פֿון אונטן אָדער פֿון דער זײַט). אַן א, (קאָזלעס) בײַם זעגן האָלץ. א, אונטער (בע) דעם פּאַרקאַן (וואַנט, בוים אאַ) וואָס האַלט אין אײַנפֿאַלן. 4. טייל פֿון ליולקע־ציבעך, געוויינלעך פֿוו האָלץ אָדער פּאָרצעלײַ, וואָס מע שטעלט אַוועק אויפֿן דיל. „....און מיט דער ליולקע זיך צו באַלאַמוטשען, אַרומצוּוויקלען דאָס פֿלעכטל...

אָפּצוקראַצן דעם א',,, וואַרשויער יודישע
צײַטונג, 39 1867, No.
אונטערשטעלונג — די, ־ען. 1. פּראַצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערשטעלן (זיך).
2. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון זײַן (בלײַבן)
אונטערשטעליק . דווו). אַן א, פֿון עטלעכע
טויזנט רובל. 3. נידעריקערע, ערגערע,
שוואַכערע שטעלונג. ,,גיי פּאַרטיידיק אַזאַ א'!",
דייד.
או'נטערשטעליק — אַדי. 1. וואָס מע
קען, וואָס עס פּאַסט זיך צום אונטערשטעלן.
אַן א'ער טאַץ. אָט איז אַן א, שטיקל האָלץ.
2. וואָס נייטיקט זיך אין דעם, מע זאָל עפּעס
אונטערשטעלן אונטער דעם. אַ שאָקלדיקע, אַן
א'ע פּאָליצע. 3. (באָטאַניק) וואָס וואַקסט
אַרויס אונטן. ,,אַן א, פֿרוכטקניפּל,,, א. גאָלאָמב
איבז, באָטש, געוויקסן.
4. דזוו הינטערשטעליק [אין דרומדיקע רר
אָן אַ ה, אויך אין אַנדערע ר]. אַן א'ער
צאָלער. א, אין דער אַרבעט. ,,ווײַזן אים
ווי איר ווערט אַלעמאָל א',,, ש. בעקערמאַן,

אונטערשטעלן

די קאָרטן וואַרפֿערקע, אַדעס 1888. ז ײַ ן,
בּ ל ײַ בּ ן, ו ו ע ר ן א'. זײַן א, אין געשעפֿט
= די חובֿות בּאַטרעפֿן מער ווי די סחורה.
א, אין לערנען. „דער איינער איז געבליבּן
א'...צו זײַן שלימזל האָט זיך אונטערגעכאַפּט.. ,
קמ, 25 1866, No. *א, ל אָ ז ן — אַרכ. ניט
נעמען אין בּאַטראַכט. דורכלאָזן. „דער...נעמט
אַרויש פֿון דעם מאמר נאַר וואש אים טוג
און אַנדרי ווערטר וואש דאָרט שטייט וואש
איז אים (מתנגד) לזט ער אונטר שטעליג„,
שי, לו/ב.
אונטערשטעלן — טרוו. שטעל אונטער, ~
געשטעלט. 1. שטעלן עפּעס (אַ כל) פֿון
אונטן (אָדער פֿון דער זײַט). א, אַ לייטער צום
דאַך. א אַן עמער אויף רעגנוואַסער. „אויך
,
דאש כּלי וואש זיא אונטר שטעלן טריפֿה
זאַלץ אַרײַן צו רינין, זאָלן זיא אויך וואַשׂר
אַרײַן טאָן“, עח, כא/א. „אונזרי חכמים...
האַלטן דש פֿר איין גניבֿה, ווען איין שענקר
דעם שוים מיט מעסט, נייארט מן זאַל איין
כּלי אונטר שטעלן...וואו [דער שוי] זאָל איבּר
לויפֿן...[און] ניט גמאסטן ווערן“, עפּש, דרך

הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. „מע מעג אום שבת א, אַ כלי בײַ דער ליכט כדי אַז די שנויצן זאָלן פֿאַלן אין דער כלי‘‘, תּקוני שבת, אוסטרהא 1818. „אַ טייל שטעלן אונטער שיסעלעך נעבן בערעזענעביימער„, ממוס, שלמה. „הער בעסער ווי עס קאַפּעט אין קיך פֿון דער סטעליע! וואָס האָסטו דאָרטן אונטערגעשטעלט?‘‘, בּ. שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911. „שטעלט אונטער דער לײַקע אַ ריינע גלאָז„, יאַכ. *א, אַ לייטער צום הימל — (שפּאַסיק) שטאַרק בעטן גאָט פֿאַר עמעצן. „ס'איז טאַקע אַ רחמנות אויף דעם נגיד. ב'ועל א, אַ לייטער צום הימל פֿון זײַנטוועגן„, רייד.

2. אונטערשפּאַרן. אונטערשטיצן מיט עפּעס (עס זאָל ניט פֿאַלן). א, קלעצער אונטערן (בײַם) אָפּדאַך. „ווען איין באַלקן ווער צו בראָכן אַזו טאָר מן וואול איין בעט אודר איין באַנק אונטר שטעלן דאשׂ זיא ניט ווײַטר הראב פֿאַלט„, לט1, עב/ב. 3. צורוקן. א, אַ טעלער זופּ. א אַ פּאָמעשאַף אונטער דער

,

נאָז.

4. אונטעררוקן. א, אַ שטאַנג כּדי צו קענען אויפֿהייבן דעם קאַסטן. „אַרײַן, ייִד, אין דער תּיבֿה, פֿאַרשליס זי, שטעל איר אונטער רעדלעך, אין אַ נויטפֿאַל זאָל זי גיין ווי פּוסער“, ממוס, 'אַסיפֿות'. א, בענקלעך אונטער די טישן. א, אַ פּוסבענקעלע פֿאַרן זיידן. *א, אַ ב ע נ ק ל (בענקעלע) בײַם (פֿאַרן) רבין = פֿאַרמסרן פֿאַרן רבין, דער רבי זאָל אויפֿן בענקל אַנידערלייגן דאָס קינד און אָפּשמײַסן. „די מאַמע אַליין איז געקומען אין חדר און האָט אונטערגעשטעלט פֿאַר מיר אַ בענקעלע בײַם רבין„, רייד.

5. אויסשטרעקן, אַרויסרוקן אָדער צורוקן אַ גליד פֿון קערפּער (אין אויסדרוקן מיט דירעקטע, מעט אָדער פֿיג בבֿ).

א, אַן א ו י ע ר — א) אויסצוהערן עפּעס. „ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן מוטער, זי האָט איר אויער אונטערגעשטעלט צו הערן דעם

אונטערשטעלן

סוד וואָס איר זון וועט איר זאָגן“, י. בודזאָהן, מאָטקע פּליך..., ווילנע 1927; ◻) בכּוונה, בשתּיקה זיו צוהערן כּדי זיך צו דערוויסן עפּעס

וואָס מע דאַרף (טאָ□) ניט. „וואו מע טאָר און וואו מע טאָר ניט שטעלט ער אונטער זײַן אויער“, רייד.

א, אַן אַ ק ס ל — דזוו א, אַ פּלייצע. „זײַן האַרץ האָט אים וויי געטאָן...און ער האָט געוואָלט א, אַן אַקסל פֿאַר די וואָס מיִען זיך צו העלפֿן דעם פֿאָלק“, זלמן שזר, טמז, 8□ 19 XI.

א אַ בּ אַ ק — א) צו קריגן אַ קוש, אַ גלעט, אַ קניפּ פֿאַרן אַוועקגיין שטעלט זי אים אונטער די פֿאַרשמינקטע בּאַק„, רייד; בּ) צו קריגן אַ פּאַטש. „ווער עס גיט דיר אַ פּאַטש אין דער רעכטער בּאַק, האָט דער בּאַגרינדער פֿון קריסטנטום פֿײַערלעך דערקלערט, דעם שטעל אונטער דײַן לינקע בּאַק„, א. מענעס פֿאָר, 19 IX 1964.

א אַ בּ ײַ כ ל — (אומאיידל) מאַכן שוואַנ,

גער (אָן אַ הרי־אַתּ).

א, די בּ ר ו ס ט — א) צו געבן זייגן.

,,שטעל אונטער די בּרוסט, וועט דאָס קינד אויפֿהערן וויינען,,, רייד. ,,אין אַ צײַט, ווען אַ קימפּעטאָרין איז קראַנק געוואָרן, האָט מען אונטערגעשטעלט די אייגענע בּרוסט און געגעבֿן צו זייגן דעם נײַ־געבֿוירענעם“, י. קייטעלמאַן, פֿאָר, 21 1965 III; בּ) אויך: אַרויסשטעלן — צו קריגן קלעפּ אָדער זיך צו שלאָגן פֿאַר (אַנשטאָט) אַ צווייטן. א, די בּרוסט פֿאַרן שׂונא (דעם שׂונאס פֿײַלן) = אויך: אַרויסווײַזן מוט, העלדישקייט.

א אַ ה אַ נ ט — □) (צו) בּעטן אַ נדבֿה;

,

□) אונטערכאַפּן. א, אַ האַנט, ווען מע וואַרפֿט עפּעס; □) (אונטער)העלפֿן מיטן אויסשטרעקן אַ האַנט אָדער די הענט. ,,ר, טרפֿון פֿלעגט א, די הענט, ווען זײַן מוטער האָט געדאַרפֿט גיין אויף אַ בּלאָטיקן אָדער שטייניקן וועג,,. ,,אַז אַ קינד פֿאַלט, שטעלט דער (אַ) מלאך אונטער די ה ע נ ט,,, שוו.

א, דעם ה י נ ט ן — א) זײַן גרייט צו ווערן געשמיסן. ,,ער האָט אַזוי ליבּ געהאַט זײַן בּרודערל, אַז ער פֿלעגט א, דעם הינטן, ווען דער טאַטע איז געווען אין כּעס“, רייד;

בּ) זיך אומדרייען, זיך אומקערן. גיין, לויפֿן
אויף צוריק. „ווי נאָר ער האָט געזען אַ
שייגעצל, האָט ער אונטערגעשטעלט דעם הינטן
און געשטעלט פּיס,„ רייד.
א אַ פּ ל י י צ ע (די פּלייצעס — א) (זײַן
'
גרייט צו) נעמען אויף זיך אַ משׂא, טראָגן
שווערע זאַכן. „מע טראָגט דעם קאַסטן, לויפֿט
ער צו און שטעלט אויך אונטער אַ פּלייצע,„
רייד; ב) מיטהעלפֿן בײַ אַ פֿיזישער אַרבעט
מיטן כּוח פֿון קערפּער. א אַ פּלייצע, די
'
אַרבעט זאָל גיין גיכער. „קריכט אין בלאָטע
איבער די קני, שטעלט אַלעמאָל אונטער
זײַנע פּלייצעס אונטערצוהאַלטן דעם שווערן
וואָגן", ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה בערלינער,
לוואָוו 1896; ג) העלפֿן אויף פֿאַרשיידנסטע
אופֿנים. א אַ פּלייצע און געבן אַ גרויסע
'
בײַשטײַערונג. א, אַ פּלייצע און קריגן פֿאַרן
קאַנדידאַט אַ סך שטימען. „עס איז ניטאָ ווער

עס זאָל קומען און דעם רבין אַ פּלייצע
א',,, אָש, דער תּהילים־ייִד. ,,ער שטעלט
אונטער זײַן פּלייטשקע דער פּאַרטייאישער באָנץ,,,
רייד. ,,אַ ווילן אונטערצושטעלן אַ פּלייצע...
איז אַזאַ דערציִאונג זאָל באַפּעסטיקט ווערן
אומעטום,,, פֿאָר, 9 □ 1962 III.
א אַ פֿ ו ס (פֿיסל) — א) אויסשטרעקן אַ
,
פֿוס, עמעצער זאָל זיך פֿאַרטשעפּען און פֿאַלן.
א אַ פֿיסל דעם חבֿרל. ,,מע טאָר ניט א,
,
אַ פֿוס בײַם שפּילן פֿוטבאָל“, רייד; ב) מיטן
פֿוס טאָן עפּעס וואָס איז ניט רעכט. ,,ער
פֿלעגט קונציק א אַ פֿיסל בײַ דער ענגלישער
,
וואָג, אַזוי אַז ער האָט אָפּגעלקחנט פֿון יעדן
זאַק תּבֿואה אַ פּוד אָדער אַ האַלבן,,, פּ. רודאָי,
טמז, 1964 □ו 3; ג) שטעלן עמעצן אַ מכשול
אויף כלערליי אופֿנים, שטעלן אין
פֿאַרלעגנהייט; אויסשטעלן צום גאַר; אַרײַננאַרן;
איבערשפּיצן; קאַליע מאַכן. ,,עמעצער האָט איר
אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל, אַז זי האָט זיך
באַגראָבן פֿאַר חרפּה,,, רייד. ,,עס מוז זיך
געלוסטן א, [ישׂראליקן] אַ פֿיסל,,, ש. פֿרוג

III. „נו, און נעמען א, אַ פֿיסל אַן אומשולדיקן מענטשן, הייסן אים חתמענען וועקסלען און אַוועק מיטן געלט קיין אַמעריקע“, שע, מאָנאָלאָגן. „אים האָט הנאה געטאָן וואָס ער האָט אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל„, אָפּאַ, היבּרו. „איינער האָט דעם אַנדערן געזוכט צו פֿאַרטשעפּען, א, אַ פֿיסל, מיט אַ קשיאלע„, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו 1934.

א, דעם ק אָ פּ — גאַראַנטירן, זיך איַינשטעלן. א, דעם קאָפּ פֿאַר אַ חבֿר. אויך פּשוט: א, דעם קאָפּ אונטערן רעגן. א, דעם קאָפּ בײַם שפּילן פֿוטבאָל. (שפּאַסיק) „סטײַטש ער זאָל גרוי ווערן... — ער זאָל מוזן א, דעם קאָפּ און זיך לאָזן באַזילבערן פֿון דער נאַטור“, נאַד, טינט און פֿעדער, נ„י 1936.

6. (אַוועק)שטעלן פֿאַר עמעצן (עמעצן אין וועג) אַ שטרויכלונג. א, אַ מכשול. א, אַן אבֿן־נגף (←). א, אַ פּאַסטקע פֿאַר אַ חיה, אַ מענטשן. א אַ האַרבע קשיא. „איו האָבּ געזען קלאָר די נעץ וואָס זי שטעלט מיר אונטער“, טמז, 7 XI 1964.

*א אַ רויטן האָן (רויט הענדל) =

אונטער,
צינדן, מאַכן אַ שׂריפֿה. „אַז ניט קען איך
אים א אַ רויט הענדל אַז אים זאָל ווערן
ליכ,

טיק אין די אויגן‘‘, ש. וואָלצענאָק, די
געהיימע האָכצײַט, וואַרשע 1884
7. שטעלן עפּעס אָדער עמעצן אונטער עפּעס.
אונטערשטעלן אַ בײַדל אונטערן גרויסן בוים.
א, די קינדער אין שאָטן פֿון די ביימער,
אונטערן אָפּדאַך. *א, אונטער דער מאָס = א)
בײַם מעסטן די הייך בכלל; ב) בײַם אָפּגעבן
פֿאַר אַ זעלנער. „אַזוי האָט מען מיר
אונטערגעשטעלט אונטערן מאָס...מע האָט מיר אין
קאַזאַרמע אַרײַנגעפֿירט,„ פֿמ [ייִדישער
פֿאָלקלאָר, ייִוואָ].
8. שטעלן עמעצן אונטער עמעצן; מאַכן
עמעצן אָפּהענגיק פֿון אַ צווייטן.
אונטערוואַרפֿן אונטער עמעצן. א, די נאָוואָבראַנצעס
אונטערן פֿעלדפֿעבל. א, די באַאַמטע אונטער דעם
נײַעם אַדמיניסטראַטאָר.

אונטערשטעלן זיך

9. שטעלן אויף אַ נידעריקערער מדרגה לגבֿי אַ צווייטער זאַך. א, דעם ווערט פֿון לעבן אונטער דער הייליקייט פֿון גרויסן אידעאַל.

1O. צושטעלן, צונויפֿשטעלן אָדער באַשטעלן מיט אַ ספּעצ, כּוונה. „די יונגאַטשעס האָבן זיך צונויפֿגענומען און אונטערגעשטעלט אַ גאַנצע באַנדע“, רייד. „אונ דא אונטר שטעלט מן (בחורים) דיא פֿרום זײַן, דיא איין שיין אונ, אנגינאם (קול) האבן„, שאַר.

11. פֿאַרבײַטן איין מענטשן אַנשטאָט (פֿאַר) אַ צווייטן. א אַ קאַליקע צום פּריזיוו (און

,

אַזוי אַרום ווערן באַפֿרײַט פֿון דינען אין מיליטער). מיט דע'ם ב: *א, אַ מ ל א ך. „כּדי אָבער די ייִדעלעך זאָלן נישט שווינדלען און א, פּריצים אַלס פֿאַרקויפֿער פֿאַר זייער תּבֿואה„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

12. אַרויסשטעלן עמעצן. א אַן

איבער,

קויפֿער. א אַ פֿאַרמיטלער. א, עמעצן ווי אַ

,

ראָש־המדבּרים. א, אַן אָפּאָנענט. א, אַן עדות (געוויינלעך וועגן אַ פֿאַלשן). „מע האָט געוואָלט דערגיין וואָס האָט דער רבי געמיינט

מיט דעם, האָט מען אונטערגעשטעלט איינעם אַ חסיד און ער האָט בײַם רבין געפֿרעגט,,, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו 1934.

13. אויסקאָמבינירן אַ צונויפֿטרעף, אַ באַגעגעניש (ווי אַ מיטל אַרײַנצונאַרו). ,,וואָלט איר ניט אַרײַנגעשלעפּט מײַן פּלימעניק אין אַ בלאָטע...אים אונטערגעשטעלט דאָרטן אַ שיין מיידל,,, שע, טבֿיה.

14. צושרײַבן, צוזעצן, צודרוקן פֿון אונטן. א, די אונטערשריפֿט, נאָך אַ פּאָר שורות, אַ בילדל.

15. אונטערפֿירן אונטער אַ פּונקט אין געזעצבוך. א, אין אַ קאַטעגאָריע (בײַם נעמען אין מיליטער, בײַ אַן אַרבעט אאַ). ,,מע האָט מיך אונטערגעשטעלט אונטער אַ סטאַטיאַ וואָס פֿאַר דעם קומט צען יאָר קאַטאָרגע", רייד.

16. דזוו אונטעררוקן אויף אַ ניט־ערלעכן אופֿן. א אַ פֿאַלשן חשבון. א, גאַנץ נײַע

תּנאָים פֿון אָפּמאַך. א, אַ וועקסל אויף אונטערצושרײַבן. א, עמעצן אַ גאַנצע ספּראַווע.

־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערשטעלן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.

זיך שטעלן אונטער עפּעס. א, זיך אונטערן רעגן. א, זיך אונטערן דעכל, ווען עס רעגנט. 2. רעפֿל. נעמען אויף זיך עמעצנס אָנפֿירערשאַפֿט, השגחה. זיך אונטערוואַרפֿן אונטער עמעצנס דעה. א, זיך אונטער דעם נײַעם הויפּטקאָמאַנדיר, דעם נײַעם פֿאַרוואַלטער.

3. אוטוו. [דאָ און ווײַטער אויך ~שטע'לן זיך, קורלאַנד, זאַמעט, פּר.] האָבן די העזה, די חוצפּה. „ווי שטעלסטו דיר אונטער דאָ אַרײַנצוקומען!„, טויזנט און איין טאָג, ווילנע 1878.

4. אוטוו. זיך דערוועגן. "דאָס מיינט מען... משה רבינו מעג משפּטן די ייִדן...'מעג אַ רבֿ זײַן', ווײַל ער קען זיך קעגן מיר א, אַזוי האַרט צו רעדן און מיר צו פֿרעגן פֿאַרוואָס האָסטו דײַן פֿאָלק שלעכטס געטאָן", ספֿר שבֿחי רמ"ל, לעמבערג, [יאָר?]. „פֿאַר דעם גאָט פֿון חסד און רחמים, בײַ אים אַליין שטעלט ער

אונטערשטעל(ע)כל

זיך אונטער צו בעטן מחילה„, שמעון בעקערמאַן, דער מאָרגען שטערן, אַדעס 1884. „אין [דעם פֿאָטערס] אויגן ניט א, זיך הויך צו

רעדן, אַ לאַך צו טאָן, חלילה,,, ממוס, ווינטשפֿ.
,,קיין איינציקער רבֿ האָט ניט געוואָלט נעמען
אויף זיך אַזאַ חטא, קיין איינציקער דיין האָט
זיך ניט אונטערגעשטעלט עס צו טאָן,,, פּר□ו,
,דרײַ חופּות,.

5. אוטוו. האָבן מוט, זײַן בּאַהאַרצט, זיך
בּאַשליסן. א, זיך צו גיין אַליין בּײַנאַכט אין
וואַלד. ,,און ווער עס קען זיך א, בּײַ יעצטיקע
צײַט אייניקע זאָלן זאָגן אַ דעה אין אונדזערע
אַלטע מנהגים“, שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלום,
לעמבּערג 1893. ,,אַ ייִדענע שטעלט זיך
אונטער צו גאָלן אַ גאַנץ דאָרף מיט פּויערים
די בּערד□, בּימקאָ, גנבֿים.

אונטערשטעל(ע)כל — דאָס, ־עך. 1. פּקפֿ
פֿון אונטערשטאַל (←). 2 פּקפֿ פֿון
אונטער.
שטעל (←). קליינער אונטערשטעל. ,,ווי בּײַם
האָלצהעקער: אַ דרענגעלע האָלץ אויף א'עך
צוויי,,, אשט, מײַסעלעך.

אונטערשטעמפּל — דער, ־ען. שטעמפּל
וואָס קומט פֿון אונטן. אַ דאָקומענט מיט
אַן אייבערשטעמפּל און אַן א'.

אונטערשטעמפּלען — טרוו. ־פּל אונטער,
~געשטעמפּלט. 1. שטעמפּלען פֿון אונטן.

א, דעם דאָקומענט. א, די זײַטלעך פֿלייש.
2. צו ביסלעך, מיט איבעררײַסן שטעמפּלעו.
זיך אַרײַנכאַפּן אין קאַנצעלאַריע און אַליין א'.
־ונג. ־עניש.
אונטערשטענע — דזוו אונטערשטע. פֿטט.
ספּעצ איו לד, אוקר. אויף דער א'ר פּאָליצע.
„זיי ראַנגלען זיך, לאָמיר זען ווער עס וועט
בלײַבן דער א'ר„, רייד. „העי, פֿאַרשלעפֿערט
ניט די וועגן, שלעפּט די א, פֿיס„, פּמ.
אונטערשטעפּן — טרוו. שטעפּ אונטער, ~
געשטעפּט. 1. שטעפּן פֿון אונטן, שטעפּן אויף
דער לינקער זײַט. א, אַ כאָלעווקע. 2. צו
ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט שטעפּן. ־עכץ.
־ער.
אונטערשטעקן — טרוו. שטעק אונטער, ~
געשטעקט. 1. אַרײַנשטעקן, געבן בשתיקה. א,
אַ מתּן־בסתר. א, כאַבאַר, באַקשיש. „האָט זי
אים באַלד אונטערגעשטעקט אַ פּאָר גראָשן
פּויליש“, ייִט, טמז, 1961 ▫ I 15. „האָט מען
זיי אונטערגעשטעקט עפּעס אין דער האַנט
אַרײַן, האָבן זיי פֿאַרמאַכט די אויגן און ניט
'געבאַדערט'„, פּאָר, 2 .16 1962 XI
פֿאַרבאַ, .
האַלטן. א, עפּעס און ניט קענען געפֿינען.

„וואו האָסטו אונטערגעשטעקט די שליסלען?“.
3. אונטעררוקן עפּעס וואָס איז ניט רעכט.
א, פֿאַלשע מטבעות. א, געמלאָכהטע
דאָקומענטן. 4. אַרײַנרוקן פֿון אונטן. א, אַ קלעצל.
א, אַ פֿינגער וואו מע באַדאַרף ניט. 5.
אַרײַנרוקן בכלל. א, די נאָז וואו מע דאַרף ניט.
6. אַרויפֿשטעקן פֿאַרקאַטשען. א, דאָס קליידל

,

בײַם וואַשן דעם דיל. א, די קאַפּאָטע אין
דער גרויסער בלאָטע. ־עכ ן. ־עניש.
אונטערשטערן — שטער אונטער, ~
געשטערט. אוטוו [אָביעקט אין דאַטיוו] — אַ

793

ביסל, צו ביסלעך שטערן. א, דעם קלאַס אין
דער אַרבעט. א, דעם רעדנער מיט צו אָפֿטע
צווישנרופֿן. טרוו — (וועלן) קאַליע מאַכן,
ברענגען שאָדן. א, אַ שידוך, אַ געשעפֿט.
אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
אונטערשטער רעגיסטער — דער. מוזט
בײַ זינגערס. א'ע לאַגע. טיפֿע טענער. [
פֿאַואַן: מיטעלע, א'ע און אייבערשטע לאַגעס.]
„דער א, ר, איז בײַ אים פּרימאַ“, רייד.

אונטערשטע שורה — די. פּראַזע. לעצטער, ענדגילטיקער סך־הכּל. סומירונג. תּכלית. מע וויל וויסן די א, ש'. „די א, ש, פֿון אַלע חשבּונות איז — געלט! דער לעצטער וואָרט פֿון אַלע רייד איז — געלט!“, ג. ח. לעוונער, דעם שוחטס טאָכטער, ווילנע 1897. „באַשלאָסן צו זײַן יובּילעאום אונטערצוצייכענען די א, ש, צו זײַן גאַנצער אַרבּעט„, קאַמפּף און קעמפּפֿער, זבֿ, לאָנדאָן 1904. „ממילא מוז מען קומען צו דער א'ר ש, אַז פֿון דער באַוועגונג קען מען קיין איין באַווײַז ניט אַרויסקוועטשן„, זשיט II ▯, נ"י 1917. „די א, ש, איז אַז מיר האָבּן אייגנטלעך ניט קיין איבּערזעצונגען„, שנ, שלוס אַש.

אונטערשטקייט — די, ־ן. נעאָל. 1. דאָס נידעריקסטע, דאָס אונטערשטע אין וועלט, אוניווערס, אונטערשטע וועלט (היפּוך צו אייבּערשטקייט). „דאָס ליכט דורך וועלכן אָדם הראשון האָט געזען מסוף העולם עד סופֿו, פֿון אירע א'ן ביז צו אירע אייבּערשטקייטן“, ייִט, טאָג, 2 .5 1959 II. טיפֿסטע טיפֿענישן (אָן גײַסטיקייט, אָן גוטס). „אין אַלע א'ן פֿון דער וועלט האָבּן אויך ניט געפֿעלט יענע צדיקים„, ייִט, פּוילן II ▯. „מיר וועלן ליליתן...

אָנטאָן אויפֿן קאָפּ די טאָפּל־צוועלף קרוינען
פֿון די א'ן“, ייִט, טאָג, 1959 III ׳י 12.
אונטערשטראָך — דער, ־ן. 1. דזוו
אונטערשטרײַך, אַקט פֿון אונטערשטרײַכן.
2. אַרויסהייבּ(ונג). דאָס וואָס ווערט
אַקצענטירט, געשטעלט בּראָש. „דער א, איז אויף
[!] דעם מוז“, רייד.
אונטערשטראָם — דער, ־ען. 1. שטראָם,
פֿלוס וואָס שנײַדט זיך דורך אַ וועג (און מישט
זיך ניט אויס) אונטער די וואַסערן פֿון אַ
גרעסערן טײַך אָדער ים. “דער גאָלפֿשטראָם
איז אַן א'“. „די וואַסערן פֿון אַ טײַך בּלײַבּן
אַן א, אויף אַ היפּשן מהלך נאָכן אַרײַנפֿאַלן
אין ים“. 2. פֿיג. יסוד, מקור. פֿונדאַמענט.
די א'ען פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער בּאַוועגונג.
„איר האָט דאָ געפֿילט די טיפֿע א'ען פֿון
מענטשלעכער טראַגעדיע“, ש. ז. ציטראָן, טמז,
3 .14 1964 I. פֿיג. דאָס שטראָמען פֿון
פֿאַרהוילענע בּײַגעדאַנקען, בּײַגעפֿילן וואָס
מאַניפֿעסטירן זיך צומאָל אין (אופֿן) דענקען, אין
קינסטלערישער שאַפֿונג. „פֿאַראַן אין דעם [
סאָציאַלן] ליד אַ יחידישער א'“, מינפּי III. „עס
ווערט בּאַשאַפֿן אַ פֿליסיקער איבּערגאַנג פֿונעם
לירישן א, צו אַן עפּישער אייבּערפֿלאַך“, שנ,

1924. „איר פֿילט דעם קינסטלערישן א, פֿון
ליבשאַפֿט צו דער דאָזיקער וועלט“, אפֿא, טמז,
15 ▯ 1962 II. „קוואַלן פֿון...היסטאָריש־
מאַטעריאַליסטישן א, אין דער ייִדיש־פּוילישער

היסאונטערשטרײַכן

טאָריאָגראַפֿיע“, ישעיה טרונק, צוק, אַפֿר, 1965.
־יק — אַדי. ־יקייט.
אונטערשטראַמען — טרוו. שטראַם אונטער,
~געשטראַמט. לאָקל, קורלאַנד. פֿאַרציִען און
מאַכן שטײַפֿער, מאַכן מער אָנגעצויגן. א,
דעם קערפּער בײַם גיין. מיט ז י ך — א, זיו
מיט פֿאַרציִען דעם פּאַסיק.
אונטערשטראָמען — אוטוו. שטראָם אונטער,
~געשטראָמט. 1. אונטערקומען
שטראָמענדיק. עס שטראָמען אונטער קאַלטע וואַסערן
פֿון צפֿון. 2. אונטערקומען אין אַ געאײַל.
„עס האָבן אונטערגעשטראָמט בייזע ידיעות„.
־ונג. ־עניש.
אונטערשטראָפֿן — טרוו. שטראָף אונטער,
~געשטראָפֿט. אַ ביסל, צו ביסלעך (בּאַ)־
שטראָפֿן. א, די מינעריעריקע. —עכץ. ־עניש.
־ער.

אונטערשטרײַך — דער, ־ן. אַקט פֿון אונטערשטרײַכן. ספּעצ אַקצענט, באַטאָנונג אין שריפֿט, עמפֿאַז(ע). „דאָ זײַנען קיין חידושים ניטאָ, בלויז אַן א, פֿון געוויסע מאָמענטן“, ימ, אונדזער שול, מעקסיקע 1948.

אונטערשטרײַכלען — טרוו. ־כל אונטער, ~געשטרײַכלט. 1. ציִען אַ ליניע, מאַכן אַ שטריך אונטער אַ (טייל פֿון אַ) וואָרט אָדער אַ גרופּע ווערטער. „שטרײַכלט אונטער די פֿאָרווערטער„, ימ, שול־גראַמאַטיק, l921. 2. אַרויסהייבן, אונטערשטרײַכן. מאַכן עמפֿאַטיש. ← אונטערשטרײַכן, בב 2־3.

אונטערשטרײַכן — טרוו. שטרײַך אונטער, ~געשטרײַכט, ~געשטראָכן, ~געשטריכן. 1. מאַכן אַ ליניע, אַ שטריך אונטער אַ וואָרט אָדער גרופּע ווערטער בײַם שרײַבן. דרוקן מיט קורסיוו. א, אַ גאַנצן אויסדרוק, זאָץ. „ער האָט אײַנגעשריבן אַז ער איז זיך מתחייבֿ צו געבן פֿאַר דער חופּה...טויזנט רובל און האָט נאָך אונטער די ווערטער אונטערגעשטריבן„, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָווי I], בלעטער, פּעטערבורג 1901, No l7. 2. אונטערפֿאַרבן, אונטערפֿירן מיט אַ קאָליר. א, די אויגן מיט

אַ בלײַער.

3. באַטאָנען (אין רעדן), שטאַרקער אַקצענטירן. ממתּיק זײַן. „די קאַפּאָטע, זאָג איך נאָכאַמאָל, און שטרײַך עס אונטער, איז געווען אַ שבתדיקע און אַ נײַע“, שע, פֿון כתרילעווקע. „[ער] האָט...אויסגעברײַעט...דערעיקר האָט ער אונטערגעשטראָכן, שאַרף באַטאָנט וואָס...אונדז פֿעלט אונטער די פֿיס אַ באָדן“, הר, 'אונדזער ערד'. „זי, די תּורה, מיינט נאָר דערמיט אונטערצושטרײַכן די האַרבקייט פֿון פֿאַרברעכן“, ש. צ. זעצער, ...דיני ממונות און דיני נפֿשות, נ„י 1934.

4. אַרויסהייבן וויכטיקייט, מטעים זײַן; מאַכן, אויסדריקן עמפֿאַטיש. „מאַרקס...האָט אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן די מעכטיקע ווירקונג פֿון עקאָנאָמישן פֿאַקטאָר„, זשיט II ▯, נ„י 1917. „אונטערשטרײַכנדיק די אומראַציאָנעלקייט פֿון די דאָזיקע לעגענדעס, ער האָט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז זיי זײַנען בלויז אַלעגאָריעס„, זר, לעקסיקאָן ▯ I, 495. „אונטערצושטרײַכן די ריינאָביעקטיווע, אומפּאָלעמישע כּוונה פֿון די

נאָאונטערשטרייען

„דער No. 1 1938, ייִפֿאַ, צײַט, טיצן“,
בעלשם־טובֿ האָט עס מטעים געווען,
אונטערגעשטראָכן, ער האָט עס באַלויכטן מיט אַ שטראַל
פֿון אור הגנוז„, הרבֿ מ. שוואַרצמאַן,
אַמעריקאַנער, 2 IX 1960.
5. שאַרף אַרויסווײַזן. „די רוסישע העמדלעך
וואָס מע האָט דאָ געטראָגן האָבן
אונטערגעשטראָכן אַז מען איז דאָרטן געווען אַ
רעוואָלוציאָנער„, רייד. „טשופּרינעס שטרײַכן
אונטער זייער וואוילזונגערישקייט“, טמז,
10 III 19▯3.
־ונג. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשטרייען — טרוו. שטריי אונטער,
~געשטרייט. לר. אונטערשיטן, צעשיטן
אונטן. א, שטרוי, היי, זאַמד אע. א, אַ געלעגער
פֿאַר דער בהמה. א, די שטעגעלעך אין גאָרטן
מיט זאַמד.
אונטערשטריך — דער, ־ן. 1. שטריך
פֿון אונטן. 2. דזוו קאָמע (בײַ מ. וויינגער,
יודישער סינטאַקסיס, 1913).
אונטערשטריקן — טרוו. שטריק אונטער,
~געשטריקט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו
צײַט שטריקן. א, דעם גאַנצן ווינטער איין
פּאָר זאָקן. 2. צושטריקן פֿון אונטן. א, די

פּיאַטעס צו די זאָקן ־ונג ־עכ?ן.

. .

אונטערשטרעקן — טרוו. שטרעק אונטער, ~געשטרעקט. (אויס)שטרעקן פֿון אונטן. א, אַ האַנט און אויפֿכאַפּן דאָס פֿאַלנדיקע קינד.

אונטערשטשאָבען — טרוו. ־בע אונטער, ~געשטשאָבעט. אַ ביסל, צו ביסלעך שטשאָבען, פֿאַרריכטן, צונייען (אויף אַ פּאַרטאַטשישן אופֿן). א, די קאַפּאָטע. א, ריסן. ־עכץ. ־עניש.

אונטערשטשיפּען — טרוו & אוטוו. ־פּע אונטער, ~געשטשיפּעט. סל. 1. קנײַפּן, שטשיפּען פֿון אונטן. א, די מוידן. א, די קינדער אין הינטערחלק. אויך: א, אין די בעקלעך.
2. פֿון צײַט צו צײַט שטשיפּען, שטעכן (אַזוי ווי מיט נאָדלען) פֿון פֿראָסט. „אַ פֿראָסט! עס שטשיפּעט אונטער אין די פֿיס און אין נאָז,,, רייד.

אונטערשטשירען — אוטוו. ־רע אונטער, ~געשטשירעט. אויך: ~שטשירעוועןְ.
1. צו ביסלעך, צײַטנווײַז אַרויסשטעלן די ציין (די אויגן). א, מיט די ציין ווי אַ גזלן. א, מיט די אויגן ווי אַ ליימענער גולם. סמוכען [= לאַכן] און א, ווי אַ פּגר אומגעוואַשן.

2. (אומאיידל) אונטערלאַכן, אונטערהירזשען.
אַרויסזאָגן עפּעס מיט חוזק, מיט בייזקייט,
ווײַזנדיק די ציין. א, ווי אַ מכשפֿה.
אונטערשטשערבען — טרוו. ־בע אונטער,
~געשטשערבעט. אַ ביסל, צו ביסלעך
שטשערבען, אײַנברעכן ראַנדן פֿון אַ כלי. „בײַם וואַשן
די כלים מוז זי תּמיד א, אַ טעלער אָדער אַ
שיסל„..
אונטערשיבן — טרוו. שיב אונטער, ~
געשיבט, ~געשאָבן. פּר. גאַליציע.
אונטעררוקן. אַ ביסל, צו ביסלעך רירן עפּעס פֿון
אָרט דורך שטופּן אויף אַ לײַכטן אופֿן. א,
דעם טיש, דאָס בעט. א, די ברויטן (די

טשאָלנ4,

טן) אין אויוון. אויו: צושאַרן עפּעס אַזוי
ווי בשתּיקה. א, דעם גאַסט (בײַם טיש) פֿון
שענסטן און בעסטן.
אונטערשיבער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס רוקט אונטער עפּעס וואָס טויג
ניט, וואָס איז ניט כשורה. אַן א, פֿון נאַרקאָזן,
פֿון קאָנטראַבאַנד. 2. געהילף בײַם שיבער

אין אַ מצה־פּאָדר(?)אַד. 3. פֿלאַכע כּלי פֿאַר
אַ (שווער) קראַנקן צו טאָן זײַנע באַדערפֿענישן.
אונטערשיד — דער, ־ן. דזוו אונטערשייד
→. „אין דער משנה פֿון מסכתּא שבּת ווערט
געמאַכט אַן א, צווישן פֿאַרשיידענע אַרבעטן,
מלאָכות,„ פּיעט. „וואָס איז מיר דער א', די
בּחינה פֿון אַוועקגיין פֿון שלעכטס און די
בּחינה פֿון טאָן גוטס,„ תּניא, עז.
אונטערשידלעך — אַדי. אַרכ. דזוו
אונטערשיידלעך. [אַרויסרייד איז אומזיכער: ־שידלעך
אָדער ־שיידלעך.] 1. באַזונדער, אַנדערשדיק,
אומגלײַך. „ער איז אונטער וואַרפֿן אונטער
שידליכי...אורזאַכין,„ בע, ה/א. „זא האָט מן איהם
אויף אונטער שידליכה מאהל אב גיהערט אויף
דיא ענינים וואשׂ העדים עליו ועל כל האבין
מעיד גיוועזין,„ 'כּ„י פֿון מעצער עלילת־דם',
1669 [פֿש III, 272]. „די דינים פֿון כּרת זעגן
אונטער שידליך,„ עפּש, דרך הישר לעולם הבּא,
שקלאָוו 1796.
2. אַ סך; פֿילצאָליק. „בעלי גאַר פֿיל בּלילה
גיקרעכטיש, אונ, איך האב אין אונטער שידליכי
מאָלט גיפֿרעגט וואז אים שאַט,„ גה, 301.
„אין אונטרשידליכה אורטן הא"נ ייִן שלהם
[— פֿון ניט־ייִדן] ע„י יהודי כּשר מאכין ובביתם

- ▯

ליגו לאָזן״, 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה יצ״ו', נידרענהיים מן כ״א אייר תּקל,,ז [1777].

3. כּל־המינימדיק. ״הונדרט טויזנט אונטר שידליכי קוגילן״, בּאַלעגערניש. ,,הש,,י, האָט מיר פֿיל אונטר שידליכה זאַכן טאהן צו שיקן,,, עיון, הקדמה. ,,ווען דר בּן אדם יוא גישטראפֿט וערט מיט אונטר שידליכי יסורים....,, אַריה ליבּ זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725.

4. פֿאַרשיידן; וואָס איז פֿון פֿאַרשיידענעם אויסזען, מאָס; וואָס מאַכט אַ פֿאַרשיידנדיקן איינדרוק. ,,זיבּינציג ליַיט דיא פֿר אים שטינין מיט אונטר שידליכה שטאַטורן אונד אונטר שידליכה קליידר״, הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש איבּז, אגרת בּעלי חיים, הענא 1718. ,,אין אַנדרן אורט ווערן מיר מער שריַיבּן פֿון דעם פּנחס, דען עשׂ זיַין אונטר שידליכי מיינונג פֿון

אים,,, בּית י▯tראל, יא/ד, אַמשט l723. ,,הסוחר מעהררי אונטרשידליכה...סחורות האָט,,, אגרת שלמה. ״דא וואַר ער פֿון אונטר שידלכי שׂונאים אַן גפֿירט,,, ,פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה פֿונעם יאָר 1732', [וואַכשטיין־בּוך]. ,,אַזו זענן הש,,י זיַיני משפּטים אונטר שידליך און פֿיל ערליי

גשטאלט,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, שקלאָוו
.179

אונטערשיט — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערשיטן און דאָס וואָס מע שיט אונטער. געבֿן
דעם פֿערד (אַן) א, (אַ צוגאָבֿ צו קאָרמע).
א, פֿון פֿעדערן, שטרוי אאַ.
אתטערשיטה — די, ־טות. מעטאָד, פֿירונג,

אונטערשייד

הנהגה וואָס איז פֿאַרבֿונדן (אידייאיש) מיט אַ
גרעסערער, עיקרדיקער שיטה. חבֿ,,ד איז אַן
א, פֿון חסידות.
אונטערשיטן — טרוו. שיט אונטער, ~
געשאָטן, ~געשיט, פּד. 1. אַ ביסל, צו
ביסלעך שיטן. א, זאַמד אויפֿן אײַז (עס זאָל
ניט זײַן גליטשיק). א, זאַלץ אויף די וואונדו.
2. שיטן פֿון אונטן. א, זאַמד (אַש, זאַלץ) דער
וואָגן זאָל קענען זיך רירן פֿון אָרט. א, טאַלק
אונטערן קינד. ,,דער צדיק — שיט מען אים
אונטער דעם וועג און עטלעכע טריט וואָס
ער טוט גייט ער אַלץ אויף שטויבֿ,,, נחבֿ,
,מעשׂה מחכם'. ,,זייער גוט איז אונטערצושיטן
אונטער אַ בית־הכּסא טרוקענע ערו...און

דערנאָך איז עס ליַכט אַרויסצופֿירן אין פֿעלד“,
מ. וועבער, דער יודישער פֿעלדאַרבּיַטער,
וואַרשע 1891.

3. צושיטו. מוסיף זיַן שיטנדיק. א, מעל
איו דייזשע. א, זאַלץ צו די פֿיש. א, צוקער
בּיַים פּרעגלען יאַגעדעס. א, פֿעדערן אין די
פּערענעס. א, נאָך אַ ביסל זאָמען אין קאָרעטע,
אין שפּיַכלער. *א, האָבער אין דער
קאָרעטע = אויך: העלפֿן מיט אַ ביסל געלט.

4. אַריַינשיטן עפּעס מיט אַ כּוונה. א, סם
אין בּעכער וויַן. א, סם פֿאַר די שטשורעס.

5. צעשיטן. „די פּושעי ישׂראל...גייען אַראָפּ
אין גיהנום. זייער גוף...און זייער נשמה ווערט
פֿאַרבּרענט...און ווערן אונטערגעשאָטן צו אַש„,
דרכּי עולם והוא אוצר חיים, ווילנע 1866.

6. צולייגן, צוגעבן (עמעצן, צו עפּעס). א,
אַ פּאָר רובּל דעם אָרעמען קרובֿ. „אין מיַ
חודש קליַיבּט אָפּ די גרעסערע אייער פֿון די
בּעסטע הינער כּדי אונטערצושיטן זיי דער
קוואָקע„, יאַכ. 7. שלאָגן מיט די פֿויסטן.
א, עטלעכע גוטע בּוכענצעס, ער זאָל זיי
האָבּן צו געדענקען. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אונטערשיַיבל — דאָס, ־עך. קלענער שיַיבּל
אונטער אַ גרעסערער שויבּ. די קאָלירטע א'עך

אין די פֿענצטער פֿון דער אַלטער שול.
אונטערשייד — דער, ־ן. 1. אַנדערשקייט,
חילוק, עפּעס וואָס שאַפֿט אַן אומגלײַכקייט
צווישן צוויי (אָדער מער) פּערזאָנען,
באַשעפֿענישן, זאַכן. אַן א, אין פּרײַזן. א, אין
וועטער. „צוויי ברידער — און אַזאַ גרויסער א'!„,
רייד. „צווישן (אַ) חכם און (אַ) נאַר איז דער
א, עטלעכע מינוט [פֿון באַטראַכטן זיך]“, שוו.
„דען עשׂ איז איין...גרושׂר אונטר שייד צוואושן
דען צווייא טויטן“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „וואָס
פֿאַר אַ גרויסער א, איז צווישן זיי ביידע1“,
ספּ, סודות פֿונדעסטוועגן איז צווישן אַ
קאַ. „
באַטשניק און אַ קלייטניק אַ גרויסער א',„,
ש. בעקערמאַן, די קאָדטן־וואַרפֿערקע, אַדעס
1888. „און בײַ דעם סאַמע קבֿר־שוועל, וואו
אַלע א'ן פֿון ייִד און קריסט זיך גלײַכן אויס,„,
יהואָש, 'דער לעצטער שלום'.
2. אַנדערשקייט, חילוק, אומגלײַכקייט
צווישן צוויי טואונגען. א, אין פֿירונגען. „דײַן
עסין זאָלשׂטו עסין בײַא ליכט, דען עשׂ איז
איין גרושׂר אונטר שייד דער דא זעהן טוט
וואשׂ ער צום מויל שיבּן טוט אבּר דערשׂ
ניט זיכט“, עיון, ד/ב. „עס איז ניטאָ קיין א,

אין גניבֿה און אין גזילה צווישן אַ ייִדן און
אַ ניט־ייִדן,,, בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די שוו􏰀נרע צײַט, וואַרשע 1887. ,,וואָס איז דער א', צי מע בּויט אַ הויז און מע נעמט דירה־געלט, אָדער מע נעמט געלט פֿאַר דעם קאַפּיטאַל אַליין ווען מע פֿאַרלײַט אים?“, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

3. אַנדערשקייט, חילוק, נפֿקא־מינה, אומגלײַכקייט צווישן געדאַנקען, טערמינען, שטאַנדפּונקטן, אידייען פֿאָרמולירונגען, תּקופֿות, גרו,
פּעס. אויסגעטראַכטער א'. וואָס איז דער א,? אויסגלײַכן א'ן. א, צווישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. א, צווישן אַ קל־וחומר און אַ גזירה־שוה. ,,וויל איך שרײַבּן דעם אונטער שייד אין פֿינף אַרלייא זאַכן וואשׂ אייגנטליך גיוועזן איז צווישן דען שופֿטים און, מלכים“, אַלכּסנדר סענדער עטהויזן, בּית י􏰀tראל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. ,,נאָר די אַלטע גבּאיטע מיט די יונגע חטאָים האָט געמאַכט אַן א, פֿון

'רשות הרבים', 'בּפֿרהסיא, און 'אונטער פֿיר אויגן',,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,מער אַן א, אין ווערטער ווי אין תּוך,,, שנ, קריטיק און קדיטיקער, בּ,,א 1959.

4. מחיצה, צווישנשייד. ,,אַל דר ווײַל דאז מאַן אונ, ווײַבּ פֿרײַנדליך בלײַבּט, הקבּ"ה זײַן שם י"ה טרײַבּט, צו מאַכן צווישן דען אותיות א"ש איין אונטר שאַד,, [אין איש קומט אַרײַן אַ יוד, אין אשה אַ הא — צו אַש וואָס בּאַטײַט פֿײַער], צוכט. ,,מן טאָר ניט אורן, ער האבּ דען איין אונטר שייד צווישן דעם הערצין אונ, דער ערוה, דז דשׂ הערץ ניט זיכט דיא ערוה דרום טוט מן איין גירטן אַן,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723.

5. (אַריטמעטיק) איבּערבלײַבּ, רעשט בּײַ חיסור. בּײַם אַרונטערנעמען 3 פֿון 5 איז דער א, 2.

6. אָפּזונדערונג, אויסטיילונג (קומט עוויינטלעך מיט ניט, קיין, צו נעגירן). ,,דאָ קומען נעכטיקן ווער עס וויל נאָר, גאָר קיין א',,, איטשע רעוויזאָרסקי, היסטאָריע דער אויסגעוואָרפֿענער מאַטראַז, וואַרשע 1874. ,,מע מוז דאָך טאַקע עפּעס טאָן, ר, יודל, זיך ראַטעווען...און איטלעכער טאַקע אָן א',,, ממוס,

אַסיפֿות'.

,

7 פֿאַרשיידענער לעבנספֿאַל. "אביר מאַן

.

מוז אין אַלים אונטר שייד ווישן וויא מאַן
זיך צו פֿאַר האַלטין האָט", גה, 306.
פֿפֿ: אַן א, ווי פֿון טאָג ביז נאַכט; ווי
פֿון מזרח ביז מערבֿ; ווי פֿון הימל ביז (צו)
דער ערד. אַן א, כּרחוק מזרח ממערבֿ.
אונטערשיידונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערשיידן. דזוו אונטערשייד
(אַלע בבֿ). „דען עש איז קיין אונטר שיידונג
צווישן אונש און, צווישן איך דען נייארט
אַליין דיא בערג אַררט", יוסיפֿון, אַמשט 1661.
„דער רעכטי טעם פֿון מענשין זיין קלוגהייט
איזט, צו ערקענין אַלי זאַכין...און, איהרי
אונטרשיידונג פֿון גוט און, ביזין", ספֿר
מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ„ט. „עס זיינען
פֿאַראַן דרייערליי א'ען פֿון פֿאַרגעבונג„, תּניא,
180. „אַ גרויסע צאָל א'ען [צווישן קלאַנגען]

גייען נישט אַריין נישט אין פֿאָנאָלאָגיע און

.2־XI, 1 ◌ ייִבל ,,, פֿאָנעטיק ן.◌ נישט

אונטערשיידלעך — אַדי. פֿרגל

אונטערשידלעך. 1. וואָס מע קען אונטערשיידן. א'ע סימנים. ,,די 15 יאָר זענען שוין ניט אַזוי א, ווי צווישן אַ פֿופֿצניעריקן און אַ דרײַסיקיעריקן,,, מ. גר., היימיש, סיון־תּמוז תשכ"א.

2 פֿאַרשיידן, אַנדערשדיק, אומגלײַך, באַזונ.

דערדיק. ,,מיט דיא (תּכריכין) איז אונטר שיידליך; איטלכה (מדינה) האָט איר מנהג זונדרליך", ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II, קיטן תּע"ז. ,,מחברים וואָס האָבן געשטאַמט פֿון די א'סטע ייִדישע שפּראַכווינקלען,,, נפֿ, ייִפֿאַ, 11 No ,1938. 3. כּל־המינימדיק, כּלערלייאיק. ,,איטלעכער מלך האָט זיך א'ע רעגימענטער,,, גענאַרטע וועלט, אָנהייב 19. י,,ה. ,,עס איז פֿאַראַן א'ע עסנס...דערום ברויו זיו דער מענטש אָפּהיטן,,, י. ל. יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל,,ו. 4. פֿילצאָליק. ,,דא ערינן ווערט דר צילט אונטר שיידליכי וואונדר בערליכי זאַכן", ספֿר מע◌Iה ה,, אַמשט 1723, א/א.

5. סתּירהדיק. ,,נון, הש,,י ווייש וואול אוב זיאביידי...אונטר שיידליכי מחשבֿות גיהאט האבן", לט1, קנג/ב.

או'נטערשיידן — אוטוו & טרוו. שייד אונטער, ~געשיידט. [דאָס זײַנען די סטאַנדאַרדיזירטע פֿאָרמען פֿריִער און פּאַראַלעל, און איצט דטשמ,

.

איז דער ווערבּ אונטערשיי'דן, אונטערשיי'ד, ~שי'דן & ~שיי'דט. פֿון די ווײַטערדיקע ציטאַטן קען מען ניט אַלעמאָל וויסן, וואָסער פֿאָרעם פֿון ווערבּ זיי אילוסטרירן.]

.M□ □: un(1e□־sc]1ei(1en

1. מיט איינעם פֿון די חושים דערפֿילן, דערקענען עפּעס. א, צווישן איין קלאַנג און אַ צווייטן. א, קאָלירן. „וואָס האָט געגעבּן דעם האָן פֿאַרשטאַנד אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאַכט„, ממום, ווינטשפֿ. „בּאַגינען, ווען שווער איז נאָך אונטערצושיידן פֿון בּלוי־פֿאַרבּ בּיז ווײַס פֿון אַ וואָלף בּיז אַ הונט„, ייִש

,

איבּז, ח. נ. בּיאַליק, 'דער מתּמיד'. “אַ קראָקאָדיל קען מיט זײַן געהער א, דאָס דערנענטערן זיך פֿון אַ שיפֿל,...דאָס שפּרינגען פֿון אַ קענגורו“, א. יאַקובּזאָן פֿאָר, 11 1959 X.

,

2. דערקענען לויט געוויסע סימנים. א, פֿון דער ווײַט ווער עס קומט. א, די קוואַליטעט

פֿון אַ שטאָף. „קענט איר א, דעם (בײַם, צווישן) צווילינג, ווער עס איז שׂרה און ווער עס איז הינדע?“, רייד. „און קיינער קען אים ניט און ער זיך אַליין ניט פֿון גרויסן געדראַנג א'“, יהואָש, זון און נעפּל.

3. דערזען, געפֿינען דעם חילוק צווישן דערשײַנונגען. א, סתּם ווערטער פֿון גרייטקייט אויף מעשׂים. „צי מיר שמייכלען הײַנט צום הימל, צי דער הימל שמייכלט אונדז? דאָס איז שווער צו א„ ווײַל די פֿרייד באַגלייט אונדז ביידן“, סעג, קאַפּריזן. „אין דער אומאָפּהענגיקער ליטווישער מלוכה דאַרף מען א, לכּל־הפּחות פֿיר...אונטערדיאַלעקטן“, ימ, ייִפֿאַ, .No '1938 9

4. באַנעמען, תּופֿס זײַן דעם חילוק צווישן באַגריפֿן, פֿאַרשטעלונגען, ג״ו.אַנקען, שיטות. א, צווישן גוטס און שלעכטס. א, גוטס פֿון

אונטערשיילן

שלעכטס. א, די אמונות. א, צווישן די אמונות. א, די (צווישן) פֿראַקציעס אין דער פּאַרטיי. „האבן פֿר שוועכט מײַן היילקייט און, צווישן היילקייט און, אום היילקייט האבן זיי ניט

אונטער שיידן“, סהמ, יחזקאל, בב, 26.

5. דערפֿילן, דערקענען, אָפּשאַצן חילוקים (אויף שטחים פֿון קונסט). א, צווישן עכט און אומעכט. א, צווישן אַ קונסטווערק און אַ שונד־מאַכערײַקע. א, עקספּרעסיאָניזם פֿון אימפּרעסיאָניזם. „די קונסט לערנט אויס דעם מענטשן צו א, פֿאַרבן און ליניען אין דער נאַטור“, בעמ II.

6. געפֿינען די אַנדערשקייט. מאַכן אַ חילוק. (געווײנטלעך מיט נ י ט). ניט א, צווישן ווײַסע און שוואַרצע. „די מענטשן־ליבע...דאַרף זײַן גלײַך פֿאַר יעדן מענטשן, ניט א'דיק פֿון וועלכן פֿאָלק און גלויבן ער איז“, אמד, דער גואל, ווילנע 1866. „האָט באַשטעטיקט אַז מע דאַרף ייִדן, ווי 'אַן אומהאַרמאָנישן ראַסעגעמיש', שאַרף א, פֿון די מענטשן,,, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאַרן.

7. פֿאַרשטיין, באַנעמען. דערגיין. „זי גיט עפּעס אַ פֿאָנפֿע אַ וואָרט אונטער דער נאָז, וואָס איו קען ניט א, וואָס דאָס מיינט“, טמז, 19 4□19 XI.

8. אַרכ. פֿונאַנדערטיילן, צעשיידן. „און, זיא לופֿן דיא פּריצים אונ'...אונטער שיידטן צווישן אים און, צווישן זײַנן שטאַרקן העלדן,,, □

וסיפֿון, אַמשט 1661. „איר פֿאַר מישונג דז זיא
מיט דיא ווײַבּיר האבּן...זאַל מן אונטר שיידן,
דהײַנו מן זאַל דען ווײַבּר איין (גט על תּנאַי)
שיקן“, סה, שמואל א, יז, 18.

או'נטערשיידן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. זיך
אויסטיילן פֿון אַנדערע (פֿון עפּעס), זיך לאָזן
דערקענען מיט עפּעס. א, זיך מיט דער הלבּשה,
מיטן אופֿן רעדן. „דער טוי שיידט פֿון רעגן
זיו אונטער דערמיט: רעגן צײַטנווײַז גייט ער,
צײַטנווײַז ניט, דער טוי אָבער גייט
בּאַשטענדיק אַלע צײַט„, ממוס, שירה. „די צווייטע
אויסגאַבּע, שיידט זיך אונטער פֿון דער ערשטער
בּלויז אין קלייניקייטן„, י, שול־גראַמאַטיק,
1923. „אונדזער ייִד אונטערשיידט זיו שטאַרק
פֿונעם קריסט מיט דער לענג פֿונעם גוף און
דעם אומקרײַז פֿונעם בּרוסט־קאַסטן“, „טאָז,
שריפֿטן, וואַרשע 1929 ־עניש.

.

אונטערשייון — טרוו. שייוו אונטער, ~
געשייווט. אַמ. אונטערגאָלן, אונטערראַזירן. א,
די גאָמבּע. א, די פּאַכוועס.

אונטערשײַכות — די, ־ן. צווישנבּאַציאונג
אָדער שײַכות וואָס איז פֿאַרשטעלט, אומקלאָר

אָדער צווייטראַנגיק לגבי דער שײַכות וואָס
מע ווייסט וועגן איר, וואָס וואַרפֿט זיו אין
די אויגן. א, פֿון סאָציאַליסטישן אידעאַל און
אָפּטימיסטישן וועלטבאַנעם. די א, פֿון קבלה
און גנאָסטיק. ־דיק — אַדי.
אתטערשיילן — טרוו. שייל אונטער, ~
געשיילט. אַ ביסל, צו ביסלעך שיילן, אָפּשיילן.
שמועסן און א, קאַרטאָפֿל. א, אַ ביימל =
אַ ביסל אַראָפּשיילן די קאָרע. די זון (דער
פֿראָסט) שיילט אונטער די נאָז. אויך מיט ז י ך.
־עניש.

אונטערשײַן

אונטערשײַן — ד, ־ען. קליינע שײַן וואָס
קומט ערגעץ פֿון דער נידער, דורך אַ שפּאַלט,
דורך אַ מחיצה. אַ שוואַכע א'.
אתטערשײַנען — אוטוו. שײַן אונטער, ~
געשײַנט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
לײַכטן מיט שוואַכער שײַן א, ווי די פֿאַרוואָלקנטע
לבֿנה. זײַן נאָמען וועט נאָך קלינגען און א'.
אונטערשײַסן — אוטוו & טרוו. שײַס
אונטער, ~געשיסן (~געשײַסט). וואול. דזוו
אונטערדאָסן ←, נאָר גראָבער. אויך מיט ז י ך.

אונטערשײַערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געשײַערט. סקראָבען, רײַבן צו ביסלעך אָדער
פֿון אונטן. א, די פּאָדלאָגע. אַבי ווי א, די
לײַכטער ווי אין קורצפֿרײַטיק. א, פֿון טאָפּ
דאָס צוברענעכץ. מיט ז י ך — א, זיך אויף
יום־טובֿ ־ונג.

אונטערשיכורן — אוטוו. שיכּור אונטער,
~געשיכּורט. שיכּורן פֿון צײַט צו צײַט.
א, אין אַ חגא. מיט ז י ך — „...שיכּורט זיך
אונטער מיט זײַנע אײַנוואוינער„, הירש
ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1875.
אונטערשיכט — די, ־ן. 1. שיכט פֿון
אונטן, אונטער אַן אייבערשיכט. אַן א, פֿון
זאַמד, ליים אאַזוו. 2. דאָס וואָס געפֿינט זיך
טיף (און העלפֿט געשטאַלטיקן וואָס איז
איבער דעם). „כּדי [די דערציילונג] זאָל ווערן
וואָגיקער..., דאַרף זי זיך גראָבן צו דער א,
פֿון העלדס געמיט„, ב. ריווקין, גרונט־
טענדענצן... ־יק — אַדי.
אונטערשימל — דער, ־ען. שימל וואָס
געפֿינט זיך פֿון אונטן. אַראָפּקראַצן דעם א'.
אונטערשימלען — אוטוו. ־מל אונטער, ~
געשימלט. אַ ביסל, צו ביסלעך ווערן באַדעקט

מיט שימל. דאָס ברויט האָט אָנגעהויבן א,.
א, אין פֿאַרוואָרפֿענעם העק. ־עניש.
אונטערשיסל — די, ־ען. שיסל פֿון אונטן
(וואָס מע דעקט איבער מיט אַן אייבערשיסל).
אַן א, פֿאַרן חולה. „נעם אַ האַנטעך, ווײַל
די א, איז הייס„, רייד.
אתטערשיסן — טרוו. שיס אונטער, ~
געשאָסן. 1. דזוו שיסן. „ס'איז ניט קיין
קלייניקייט צו בלײַבן אַן אינטערנאַציאָנאַלער
סאָצ אַליסט ווען דרײַצן נאַציאָנען...[פֿאַרנעמען זיך
י
מיט] א, איינע די אַנדערע", ווינטש II ־י. 2.
שיסן פֿון אַ באַהעלטעניש. „פּאָליציאַנטן זײַנען
געווען אויף די דעכער און זיי האָבן
אונטערגעשאָסן די דעמאָנסטראַנטן", רייד. 3. שיסן
פֿון צײַט צו צײַט. מע האָט נאָר געהערט
דאָס א, פֿון קאַנאָנען. "דער מאָטאָר שיסט
אונטער, מע דאַרף אים פֿאַרריכטן", רייד.
4. דזוו דערשיסן. א, אַ הירש. א, אַ באַנדיט,
אַ צופֿעליקן פֿאַרבײַגייער. 5. צוגנבֿענען אויף
גיד. א, אַ וואַליזקע. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשיסעלע — דאָס, ־ך. 1. פֿקפֿ פֿון
אונטערשיסל. 2. מעט. אינטריגעלע, רכילות,
בייז שפּיצל. *אונטערשטעלן עמעצן אַן א,

= אָפּטאָן עמעצן אַ שפּיצל. „[די משׂכּילי□] האָבן שוין פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי די זאַך צו פֿירן...דורך טויזנטער אינטריגעס, א'ך“, ייִל, דאָס פּוילישע יונגל, אַדעס 1895.

796

אונטערשיפּען — אוטוו. ־פּע אונטער, ~ געשיפּעט. פֿון צײַט צו צײַט שיפּען. א, ווי אַ שלאַנג. „דער לאָקאָמאָטיוו שיפּעט אונטער, קריכנדיק בּאַרג־אַרויף„..

אונטערשיקן — טרוו. שיק אונטער, ~ געשיקט. 1. פֿון צײַט צו צײַט שיקן. א, עטלעכע קערבּלעך, ווען עס קומט אַ יום־טובֿ. א, מתּנהלעך דעם פּריץ. „אויך זאָלט איר בּאַשטעלן פֿאַר אײַער אַוועקפֿאָרן מיט אייניקע קרובֿים...זיי זאָלן אײַך אַלע יאָר וואָס בּאַשטימטעס א'„, שבחי האַר„י, קעניגסבּערג [יאָר □]. 2. דזוו צושיקן. „איין גאָט אַליין טאַקע האָט זי אונטערגעשיקט אין דער רעכטער צײַט„, ממום, ווינטשפּ.

3. בּכּיוון שיקן עמעצן אָדער עפּעס (אַז דער וואָס נעמט אויף דעם געשיקטן אָדער די שיקונג זאָל מיינען אַז עס איז אַ צופֿאַל).

,,דער מאַן פֿלעגט דער אַקטריסע א, בלומען,
כלומרשט פֿון פֿאַרערעס“, רייד. א, אַ שליח
וואָס זאָל רעדן אין זײַן אייגענעם נאָמען.
א אַ זײַטיקן צו מאַכן שלום. א אַ קונה

,
אויף דער נחלה. ,,דאָ האָט מען
אונטערגעשיקט אַ שדכן, דאָ איז געקומען צו פֿאָרן 'אַ
מחותנס אַ מענטש',,, יהל, די ערשטע ליבע,
וואַרשע 1881. ,,אַ טייל האָבן געזאָגט, מע
זאָל א, צום פּריץ איינעם פֿון זײַנע מקורבֿים,
בעטן רחמים,,, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח,.
,,אפֿשר דיר א אַן אָרקעסטער דיך
אויפֿ,
צונעמען מיט פּאַראַד?,,, רייד. 4. נאָכשיקן.
,,דו פֿאָר. מע וועט דיר א, מלבושים,,, רייד.
5. שיקן בשתיקה, מיט אַ בייזער כוונה. א,
אַ שפּיאָן, אַן אויסקוקער. א, עמעצן וואָס
זאָל פֿאַרפֿירן.
6. שיקן אומגעריכט. ,,האָט מען
אונטערגעשיקט שיפֿן מיט חיל פֿון פֿראַנקרײַך
אַנטקעגן דיזע מורדים“, אמד, די וויסטענײַא
סאַהאַראַ, ווילנע 1868. 7 אָנשיקן. ,,דער
אייבערשטער האָט אונטערגעשיקט אַ מגיפֿה,
רחמנא לצלן,,, רייד. קללה: ,,זאָל שוין גאָט דיר

א, דעם מלאך־המות“.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער.

אתטערשלאָג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אונטערשלאָגן. 2. שטרויכלונג, שטער(ונג). אָנשיקעניש. „אַ ל אַדע בחורל אַן א'“, שע, ,

יאָסעלע סאָלאָװײ. 3. דזוו אונטערשלאַק (פֿון אַ מלבוש). 4. דאָס וואָס מע שלאָגט אונטער. אַן א, פֿון צווײ ברעטער. אַן א, פֿון אַ מעטאַלענער פּלאַטע.

אונטערשלאָגן — טרוו. שלאָג אונטער, ~ געשלאָגן. 1. שלאָגן פֿון צײַט צו צײַט. אָנהײבן א, די װײַב. אַ רבי וואָס שלאָגט אונטער איך די גוטע תּלמידים. “ער פֿלעגט זי, זאָגט מען, אָפֿט א'“, שע, 'שמואל שמעלקעס'.

2. שלאָגן פֿון אונטן. א', אונטערברעכן די פֿיס. „אין דער סלאָבאָדקע האָט זיך פּאַשקע אויסגעלערנט צילן...מיט שטיינער, א, בײַ די הינט די פֿיס„, פּ. סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, קיִעוו 1932.

3. צושלאָגן, צוקלאַפּן פֿון אונטן. א, אַ פּאָר פּאָדעשוועס, זוילן. א אָפּצאַסן. א, פּאָד,

אונטערשלאָגן

קעווען. „פֿאַר אַ פּאָר פּאָדמיאָטקעס א, קען מען שוין בײַ אים ניט אָפּדינגען קיין גראָשן„, אַר, אַבֿרהם דער שוסטער'.

4. שלאָגן, עס זאָל בלייַבן אַ וואונד אָדער אַ צייכן. א, די ז ײַ ט ן. א אַן א ו י ג (די אויגן). „האָט ער דעם חתן געשלאָגן און אונטערגעשלאָגן אַן אויג“, קמ, 17 1869, No. „גייענדיק אַהיים, האָבן זיי מיך געהרגעט, געממיתט און אונטערגעשלאָגן די זײַטן“, ייִל, דאָס פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. „ניט זיי מיינען אײַך שלאָגן, הרגענען, א, אַן אויג, אויסשלאָגן אַ פּאָר ציין, ווי בײַ אונדז חלילה“, שע. *א, די ל ו נ ג ע ן = אַזוי שטאַרק שלאָגן, עס זאָל בלייַבן אַ לונגענפֿעלער. „מע האָט אים אונטערגעשלאָגן די לונגען און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּײַען מיט בלוט“, רייד.

5. אַ קלאַפּ טאָן. אַ שלאָג טאָן אויף אַ לײַכטן אופֿן. „די מוטער האָט איר אַ צענערל געגעבן...האָט איר עמעץ אונטערגעשלאָגן די

האַנט, דאָס צענערל איז אין זאַמד אַרײַן“, פּרץ, 'דאָס קראַנקע ייִנגל'. *א, דעם אײַטער = קלאַפּן אין אײַטער בײַם מעלקן אַ קו (אַזוי ווי אַ קעלבל וואָס געפֿינט ניט גענוג מילך צום זייגן). ,,עס טשעפּעט זיך דאָס קעלבל, זייגט די ברוסט, אונטערשלאָגנדיק צוווײַלן די אײַטער,,, ממוס, ספֿר הבהמות.

6. פֿאַרמישן (דורך קלאַפּן מיטן לעפֿל). צומישן, אַרײַנמישן (בײַם באַקן, קאָכן, צוגרייטן שפּײַז), כּדי עס זאָל ווערן בעסער, באַטעמטער. א אַ געקעכטס מיט אַן איי. א,

,

די חלה מיט אַן איי = אַרײַנקנעטן אַן איי אין טייג פֿון דער חלה. א, מיט סמעטענע, מיט פּוטער, מיט שמאַנט, מיט ווײַסלעך, מיט געלכלעך. ,,האָט מען די גאַנצע אייער אין קעמערל אַרײַנגעטראָגן און פֿון די צעשלאָגענע איז געווען אַ באָרשט אונטערצושלאָגן,,, קאָלמוס, דאָס מעזיניקל, וואַרשע 1883. ,,[ווײַנזופּ] = דאָס איז: מע קאָכט ווײַן און מע שלאָגט אונטער מיט אייער און צוקער,,, ספֿר מקור הברכה, מונקאַטש תּרנ,,ה. ,, אַוועקגעגאַנגען מיט אַ טעפּעלע נאָך מילך און דערפֿון אונטערגעשלאָגן אַ באָרשטש“, ווײַס I, 'פֿון

רבינס שטוב,.

7. אונטערלייגן (בײַם נייען אַ מלבוש). מאַכן אַן אונטערשלאַק. א, די מאַרינאַרקע מיט לײַוונט, פערק(ו)ל. א, דעם קאָלנער מיט שטײַפֿלײַוונט. א, דעם דאַמען־מאַנטל מיט זײַד.

8. אונטערבעטן (בײַם נייען) מיט עפּעס ווייכס, וואַרעמס. א, מיט וואַטע. ,,האָט דערבײַ זיך מתחייבֿ געווען בײַם סילוקן דעם מותר פֿונעם נדן, א, דעם טולעפּל מיט פֿוטער", ממוס, מסעורנ.

9. אַרומשלאָגן פֿון אונטן. א, דאָס פֿעסל מיט נאָך אַ רייף. א, דעם גאַניק מיט בלעך.

1O. פֿיג. שלאָגן און קאַליע מאַכן. דער רעגן און דער ווינט שלאָגן אונטער דאָס גערעטעניש. ,,איידער פֿאַר אַזעלכע בלומען וועט אויפֿשײַנען די זון, וועט זיי דער פֿראָסט א',,, פרץ, געדאַנקען און אידייען.

11 פֿאַרקאָנקורירן. שעדיקן א, די פּ ר נ ס ה.

,,האָט זיך אַ שלעכטער מענטש לעבן מיר געזעצט און האָט מיר מײַן גאַנצע פּרנסה

אונטערשלאָגן זיך

אונטערגעשלאָגן,,, מסדר אגרת, ווילנע תּקפ״ה.
,,איך פֿאַרדריסט וואָס אייער פּרנסה איז
אונטערגעשלאָגן געוואָרן...דעריבּער זאָגט איר אַז
אַמאָל איז געווען בּעסער״, ש. בּעקערמאַן,
טרייער משרת, וואַרשע תרמ,,ג. ,,די קרעמער
האָבּן זיך שטאַרק בּאַליידיקט וואָס מען איז
זיי חושד אין אַזאַ מיאוסער מעשׂה: א, דעם
רבֿ פּרנסה״, אַר, 'די דערפֿינדערין'. ,,אַז עס
ווערט אַמאָל אונטערגעשלאָגן אַ צייטונג אָדער
...אַ חבֿר זאָל ניט קענען אַרויסגעבּן זיין
ווערק...,,, דלוגאַטש, ד וועלט מסורה,
וואַרשע 1881 פֿאַרוואָס זשע אַז ס'ווערט
אונ. ,,
טערגעשלאָגן אַ צייטונג, שוייגט מען גאָר
שטיל? בּלייבּט אַ קשיא״, דער נייער
וועלטקאַלענדאַר אויף דעם יאָר תּרע״א, בּאַרדיטשעוו.
12. איבּערכאַפּן, פֿאַרכאַפּן (אין מיטן וועג,
בּיים איבּערשיקן, בּיים אַריבּערפֿירן). א אַ
,
כּלה. ,,חבֿרה האָבּן אונטערגעשלאָגן דעם
אַרעסטירטן און אים בּאַהאַלטן״, רייד. ,,ער האָט
געעפֿנט מיינע בּריוו וואָס זיינען אָנגעקומען
אויף זיין אַדרעס און האָט אַ סך בּריוו
אונטערגעשלאָגן״, קמ, 17 1863, No. ,,כ'האָב

געשריבן, כ'האָב געשריבן, האָט מען אונטערגעשלאָגן", פּרץ, 'ס'בּרענט'. [בּײַם אויסלאָדן פֿון וואַגאָן] „האָט ער אונטערגעשלאָגן אַ זאַק צוקער", אָפּאַ.

13. פּר. צונעמען אומגעזעצלעך. צוגנבֿענען, צולקחענען. „האָט מען דעם פֿײַערדיקן אַנטיסעמיט געמאַכט אַ פּראָצעס וועגן דעם וואָס ער האָט אונטערגעשלאָגן נדבֿה־געלטער", ייִפֿאָל, 37 No, 1881. „דער פֿעטער ווייסט אַז ז׳ון שׂרה האָט שוין ווידער עפּעס אונטערגעשלאָגן און בּאַגעגנט זי מיט אַ ירגזון", אָפּאַ, 'אין אַ קעלערשטוב'.

14. איבּעררײַסן, שטערן. „איך זאָג אַז דו וועסט מיר דאָס שרײַבּן א'", ש. בּעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1884.

15. אַרונטערשלאָגן. איבּערשלאָגן. א, דעם געדאַנק, די רייד. *א, עמעצן פֿון וועג = אים צעטומלען.

16. (מאַליערײַ) אונטערפֿאַרבּן, אונטערפּוצן אַ פּאַס מיט אַן אַנדער קאָליר (אָדער דעסן, שלעקל). א, דעם קאַרניז מיט אַקוואַמאַרין.

17. ארכ. אַראָפּלאָזן, אַראָפּבּייגן (וועגן אויגן). "טריפֿט עש זיך דז זי מוז רידן מיט איינם מאַן אודר מיט פֿיל מאַנן, דא זאָל זי

איר פּנים אונטר שלאָגן און, זאַל דען לײַט ניט אונטר דאשׂ פּנים זעהן“, בּראנט. ”האָט אָחז המלך זײַן פּנים אונטר גישלאגן, האָט בּושה גיהאט פֿר ישעיהו“, ▯ה, אמשט 1723, מד/ב. „איין אשה מוז נאָך מין [= מיין, מע▯] ציכטיג זײַן אַז זיא זאַל אימר צו הויז בּלײַבן...און, אירי אויגן אונטר שלאָגן פֿאַר איין איטליכן מענשן„, עח, יט/ד.

18. ארכ. אונטערטונקען. ”איין אנדרי אשה מוז דר בּײַא זײַן דיא צו זיכט דשׂ זיא זיך רעכט טובֿל איז, אַך איין אַנדרי פֿרויא מוז זיא אונטר שלאָגן“, sto, עח/ב.

19. (קאָרטנשפּיל) אומגעריכט שלאָגן מיט אַ קלײנער קאָרט. א, דעם טויז מיט אַ צווייטל טרומף.

797

אונטערשלאָגן זיך — רעפֿל. ← דפֿוו.

1. קזוו. זיך א, אויף אַ וואוילױנגערישן שטייגער. 2. מיט פֿאַרשיידענע בּבֿ פֿון אונטערשלאָגן. א, זיך דאָס געזונט בײַ דער שווערער פּראַצע. די פֿיס שלאָגן זיך מיר אונטער.

3. ספּעצ אונטערטונקען זיך. „מאַן זאָל די

טבֿילה ניט פֿר איין קלייני זאַך הלטן...אונ,
מן מוז זיך דרײַא מאָל אונטרשלאגן“, עח,
סא/ב. „ווי דערשראָקן איז ער אָבֿער געבֿליבֿן,
בֿעת ער האָט זיך אונטערגעשלאָגן און האָט
זיך ניט געקענט ווידער אויפֿהייבֿן“, י. ל.
שפּירא, דער אידישער גײַסט, מונקאַטש 1932.
„קום, מיר'ן זיך בֿעסער א, אין וואַסער און
אָפּשווענקען די סאַזשע“, מעצקער.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונ :ןער שלאָס און ריגל — אַדוו פֿראַזע.
פֿאַרשלאָסן פֿאַרשפּאַרט. אין תּפֿיסה א, ש, א, ר'.
—
,
האַלטן אַן אוצר א, ש, א, ר'. „[די ווײַבֿע]
ווערן געהאַלטן א, ש, א, ר', עס זאָל אויף
זיי קיין פֿרעמד אויג...נישט פֿאַלן„, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.
אונטערשלאָפֿן — אוטוו. שלאָף אונטער,
בֿ י ן & ה אָ בֿ ~געשלאָפֿן. אַ ביסל, צו
ביסלעך שלאָפֿן. דער וועכטער פֿלעגט א'. א,
בֿ אַ קאָנצערט. „אין צווישנצײַט, זיך
אויפֿי
געכאַפּט און ווידער אונטערגעשלאָפֿן אַ ביסל„,
טמז, 5 5 19l I.

אונטערשלאַק — דער, ־ן. 1. שטאָף וואָס
ווערט אָנגעניייט אויף דער אינעווייניקסטער
(לינקע▯) זײַט פֿון אַ בגד. אונטערגעניי.
זײַדענער א'. א, פֿון פערק(ו)ל. „דאָס איז
געווען אַזאַ סאָרט לײַוונט געפֿאַרבט טונקל־גרין,
וואָס פֿלעגט דינען מייסטנס אויף א, און
אויף קאַפֿטנס פֿאַר אָרעמעלײַט„, ממוס, שלמה.
„איר הייבט אויף די פּאָלע, צי מע האָט
ניט גענאַרט אויפֿן א'“, פרץ, געדאַנקען און
אידייען. „אין מערסטע מאָדעלן איז דער ראָק
געפֿוטערט מיט אַ שטײַפֿן א, כּדי עס זאָל
האָבן דעם רונדן עפֿעקט אונטן פֿון אַ גלאָק“,
ה. בלום, טאָג, 9 1958 II. *מיטן א, אַרויס
= אָפּגעלאָזן, וואָס איז ניט אין אָרדענונג,
אומציכטיק. גיין מיטן א, אַרויס. „ער געניסט
דעם טעאַטער מיט דעם א, אַרויס, ער ציט
אָן אויף זיך דעם ייִדישן טעאַטער ווי אַ
קאַפּאָטע אויף דער פֿאַרקערטער זײַט“, בעמ ▯יI.
2. אונטערלאָג. וואָס מע בעט אונטער, וואָס
מע פֿילט אָן. אַ קאַנאַפּקעלע מיט אַן א, פֿון
היי.
3. שיכט פֿון אונטן (וואָס דערמאָנט אין
אונטערשלאַק פֿון אַ בגד). „באַשאַפֿן בילדער
וואָס זאָלן האָבן אין זיך צוויי געשטאַלטן,

אַ רעכטע זײַט מיט אַ לינקע זײַט, אַן איבערצײַג מיט אַן א'״, שע, סטעמפּעניו. „דער פֿעט־א, אונטער דער הויט ▯יז בײַ ד▯ר פֿרוי מער אַנטוויקלט, צוליב וואָס די גלידער זײַנען קײַלעכדיקער און ווייכער״, פֿגעז, ווילנע No ,1931 3. ״דער בושל...זײַן פֿליגל דער שוואַרצער ווי לאַק אויף אַ ווײַסן, ווי מילך, א'״, ש. לעלטש וק, סאָוו, היימלאַנד, l963, No 3. *דרעק מיט א, = גראָב עפּעס וואָס האָט קיין שום ווערט ניט.

אונסערשל▯טלען

4. מיין, כוונה, פֿאַרשטעלט אונטער אַנדערע רייד. מיט אַ גראָבן א'. מיט אַ סעקסועלן א'. אַ מעשׂה מיט אַן א'. „ווער וואָלט דאָס געגלייבט, אַז אין אַ ספֿר מנהגים זאָל זיך געפֿינען אַ פֿעפֿערדיק שפּריכוואָרט מיט אַן עראָטישן א'?״, ריבֿ, ייִשפּ ▯ו3 ,XI.

5. מיט ביטול. ווער (וואָס) איז אָפּהענגיק פֿון דעם וואָס איז איבער אים, העכער פֿון אים אין מאַכט אָדער ראַנג. „האָבן זיי פֿיל באַקאַנטשאַפֿט מיט די קליינע אַדונימלעך, מיט די א'ן״, ריבֿ„ל, די הפֿקר־וועלט. „נאָר

דערפֿאַר ווײַל ער איז אַ ייִד, קען ער אַפֿילו בײַ יענע קיין א, ניט זײַן“, קמ, 1865 20, No.
,,דער פּרינץ אַליין...ער וועט וועלן זײַן אַן א, בײַם סולטאַן?,,, קמ, 9 l866, No.

6. צרה, אָנשיקעניש. שטרויכלונג. אונטערשלאָג, בּ2. ,,און די רויטע ייִדעלעך — דאָס זײַנען ניט מער ווי אַן א', אַ רעשטל צו די צרות“, שע, מע ײות און פֿאַנטאַזיעס. ,,די ערשטע ווײַב איז (געווען) אַ שלאַק, די צווייטע — אַן א', און די דריטע אַ דורכשלאַק“, פֿוול.

7. אידיי(ע) וואָס איז אונטער אַן אַנדערער, וואָס איז אַזוי ווי בּאַהאַלטן אונטער אַ בּרייטערער פֿאָרמולירונג. ,,ווען דער פּאַלעסטינער סאָציאַליסט וואָלט ניט געווען קיין מאַרקסיסט מיט אַ נײַ־מאָדנע(ם) א'“, איק, 1 l907, No. ,,בּין איך אַ ציוניסט, נאָר ניט קיין פּראַקטישער ציוניסט מיט אַ פּאָליטישן א'“, מר I ײ, נ,,י 1910.

8. אונטערשטער יסוד פֿון אַ געדאַנק, שיטה, כאַראַקטער, דערשײַנונג. אַ רעליגיעזער ייִד מיט אַ מאָדערנעם א'. ,,קיינער האָט אונדז ניט אַנטפּלעקט אַזוי דײַטלעך און שאַרף ווי מענדעלע, דעם א, פֿונעם ייִדישן כאַראַקטער, פֿון

דער ייִדישער שפּראַך", שנ, וועגן יודישע שרײַבער I. „קיין צײַט ניט געהאַט אײַנצוגראָבן זיך אין דעם א, פֿון רעזשים", בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער. „און דעפֿינירט וואָס עס מיינט 'וועלטלעכע דערציאונג': אַ גוטע ייִדישע דערציאונג אָן אַ רעליגיעזן א',,, טמז, 12 0▯19 XI.

אונטערשלוכצן — אוטוו. שלוכץ אונטער, ~געשלוכצט. אויך: ~שלוכצען פֿון צײַט
.
צו צײַט שלוכצן, כליפּען, וויינען און שווער אָטעמען דערבײַ. „גאָט, דער פֿאָטער פֿון יתומים זאָל דיר פֿירן צום גלײַכן וועג — האָט זי געזאָגט א'דיק", גבֿריאל רובּין, די שיינע מערדערין, ווילנע 1889.

אונטערשלומפּערן — טרוו. ־ער אונטער, ~געשלומפּערט. אַ ביסל, צו ביסלעך מאַכן עס זאָל זיך נאָכשלעפּן; מאַכן בּרודיק. א, דאָס קלייד ווי אַן אמתע יאַכנע.

אונטערשלוקערצן — אוטוו. ־קערץ אונטער, ~געשלוקערצט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט שלוקערצן. ריידן און א, דערבײַ. „איך שלוקערץ אונטער, מסתּמא דערמאָנט מיך עמעצער", רייד.

אונטערשליטלען — ־טל אונטער, ~
געשליטלט. אוטוו — אַ ביסל פֿאָרן מיט אַ
שליטל. טרוו — פֿירן אויף אַ שליטל אויף

אונטערשלײַדערן

אַראָפּ. א, די קינדער. מיט ז י ו — אוטוו.
אַ ביסל זיך דורכפֿאָרן מיט אַ שליטן אָדער
זיך גליטשן מיט אַ שליטעלע באַרג־אַראָפּ.
־עניש.
אונטערשלײַדערן — טרוו. ־ער אונטער,
~געשלײַדערט. 1. צו ביסלעך, מיט
איבעררײַסן שלײַדערן, (צו)וואַרפֿן. א, די פּילקע.
2. שלײַדערן פֿון אונטן. א, אַ שטיין צום
הויכן פֿענצטער. 3. דזוו אַרונטערשלײַדערן.
א, די רעגירונג. אויך אומפּ. עס האָט אים
אונטערגעשלײַדערט פֿון גרויס אויפֿרעגונג. מיט
ז י ך. ־ונג.
אונטערשליים — דער, ־ען. 1. שליים וואָס
געפֿינט זיך אונטן. א, אין גרוב. 2. געוועב
וואָס געפֿינט זיך אונטערן שליים (און אַרבעט
אויס דעם שליים) אין קערפּער פֿון אַ בעל־חי.
א, פֿון מאָגן פֿון די קישקעס. „[דער ראַץ],
,

אַרײַנדרינגענדיק אין די טיפֿער ליגנדיקע שיכטן
פֿון ווענטל פֿון מאָגן (א'־געוועבן,
מוסקלשיכט, בויכפֿעל)...[שאַפֿט] אַן אמתע כראָנישע
מאָגנוואונד", פֿגע ▯, ווילנע 11 1937, No.
אונטערשלייערן — טרוו. ־ער אונטער, ~
געשלייערט. 1. אַ ביסל פֿאַרדעקן מיט אַ שלייער.
„זי טראָגט אַ שייטל און פֿון פֿאָרנט שלייערט
זי אים אונטער, קען קיינעם ניט אײַנפֿאַלן
אַז דאָס איז ניט אירע אייגענע האָר", רייד.
2 פֿיג. אַ ביסל פֿאַרדעקן פֿאַרפּוצן. א אַ
.   ,   ,
ידיעה. א, אַ כלומרשט אויפֿריכטיקן באַריכט.
3. צו ביסלעך אָפּנאַרן, לײַכט באַשווינדלען
עמעצן וואָס איז ניט איבערגעשפּיצט. א, די
פּויערטע מיטן קויש אייער. 4. ספּעצ בײַם
חתונה מאַכן. א, דעם ישיבֿה־בחור אַ בלינדע
כּלה.
אונטערשלייף — דער, ־ן. 1. שלייף וואָס
בינדט זיך לײַכט פֿונאַנדער. מיט אַ ברייטן
שוואַרצן א אַנשטאָט אַ שניפּס. 2. (סוחריש)
,
אומערלעכער תּנאַי בײַ אַן אָפּמאַך, אַ געשעפֿט,
טראַנסאַקציע. אַ שותּפֿות מיט אַן א,.
אונטערשלייפֿן — טרוו. שלייף אונטער, ~

געשלײַפֿט. מאַכן אַ שלייף פֿון אונטן. א, אַ
בלוזקע פֿון ביידע זײַטן.
אונטערשלײַפֿן — טרוו. שלײַף אונטער, ~
געשליפֿן, ~געשלײַפֿט. צו ביסלעך, פֿון צײַט
צו צײַט שלײַפֿן. צושלײַפֿן פֿון אונטן. א,
עס זאָל אַרײַנפֿאַסן. א, דעם חלף. א, אַ שטיפֿ.
א, דעם הייבער. פֿיג. א, אַן אַרטיקל. א, דעם
מוח. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
אונטערשלינגען — טרוו. שלינג אונטער,
~געשלונגען. 1. שלינגען פֿון צײַט צו צײַט.
א, הייסע קוילן ווי אַ קונצנמאַכער. 2. דזוו
אַראָפּשלינגען, אַרונטערשלינגען. א אַ
באַליי,
דיקונג. *א, ביכער אַזוי ווי פּילן = אַ סך
און גיך לייענען. „דעם ביסן וואָס מע וואַרפֿט
אים שוין איין מאָל אַרויס פֿון מויל, עקלס
שוין דעם צווייטן עס אונטערצושלינגען„, אמד,
מאַטקע און הערשקע, ווילנע 1873. ־עניש.
אונטערשליסל — דער, ־ען. שליסל וואָס
איז פּונקט ווי אַ צווייטער שליסל;
נאָכגעמאַכטער שליסל. געעפֿנט די קאַסע מיט אַן א..
אונטערשליסלביין — דער, ־ער.
ווייכלעכער ביין וואָס געפֿינט זיך אונטערו שליסלביין

אין מענטשלעכן קערפּער. „ווען קליניש אָנהייב פֿון טובערקולאָז אין דעם א'־געביט", 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929.

אונטערשליץ — דער, ־ן. (שנײַדערײַ).
1. שניט אין אַ מלבוש פֿון אונטן. אַ מאַנטל מיט אַן א'. 2. שנאַל(קע). שטיקל שטאָף, מיט צוויי קנעפּ בײַ די זײַטן, אָנגענייט אויף דער הייך פֿון די לענדן אויף אַ לײַכטן (זומער)מאַנטל. אויך: הינטערשליץ.

אונטערשלעגער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס שלאָגט אונטער. דזוו אונטערשלאָגער. געדונגענער, פּראָפֿעסיאָנעלער א'. ־ערײַ.

אונטערשלעפֿן — טרוו. שלעפּ אונטער, ~ געשלעפּט. שלעפֿן אַ ביסל, צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט. א, אַ משׂא, דעם יאָך (פֿון חיונה). א, דעם קראַנקן פֿוס. „ס'קינד פֿאַרקאַפּריזעט זיך, וויל ניט גיין, דאַרף מען עס א',,, רייד. מיט ז י ו — זיו א, ווי אַ פֿויעריש פֿערדל באַרג אַרויף. ־עניש.
-

אונטערשמאַכטן — אוטוו. שמאַכט אונטער, ~געשמאַכט. 1. פֿון צײַט צו צײַט (אָדער
כּסדר) זײַן פֿאַרשמאַכט, הונגעריק און
דאָרשטיק. א, ווי אַ שלעכטער פֿאַסטער צו נעילה.
2. מיט איבעררײַסן עפּעס שטאַרק באַגערן,
בענקען נאָך עמעצן, (עפּעס). א, נאָך ליבע,
נאָכן געליבטן. 3. דזוו שמאַכטן. א, אין תּפֿיסה.
שמ◌רש◌אָלן

— ט◌ן. מאַכן אַ ביסל
שמאָאונט וו. שמאָל אונטער, ~
געט. פּפֿ: ~שמע
לער; מאַכן שמאָלער פֿון אונטן. א, דאָס קליידל.
א, די הויזן לויט דער נײַער מאָדע.
אונטערשמאָצקען, ~ש מ אָ ק ט ש ע ן,
~שמאָקצען — אוטוו. ־קע, ־טשע, ־צע
אונטער; ~געשמאָצקעט, ־טשעט, ־צעט. פֿון צײַט
צו צײַט, מיט איבעררײַסן סמאָצקען,
סמאָטשקען, אַרויסברענגען הילכיקע קלאַנגען מיט די
ליפּן בײַם עסן מיט פֿאַרגעניגן (בײַם קושן).
ניט קענען פֿאַרטראָגן, ווען מע שמאָצקעט
אונטער בײַם עסן. ־עניש.
אונטערשמאָרן — טרוו. שמאָר אונטער, ~
געשמאָרט. נאָך אַ ביסל דעמפּן (פֿלייש) אין
אַ צוגעמאַכטער כּלי. א, דאָס פֿלייש נאָך אַ

פֿופֿצן מינוט.

אונטערשמאָרען — אוטוו. ־רע אונטער, ~ געשמאָרעט. פּפֿ: ~סמאָרען. צו בּיסלעך, מיט איבּעררײַסן אָטעמען דורך דער נאָז מיט אַ געהילך. „דער אַלמנה האָט פֿון די ווערטער מאָדנע שאַרף פֿאַרשמעקט מיט חתונה האָבּן און די נאָז האָס בּײַ איר אָנגעהויבּן פֿרום אונטערצושמאָרען“, בּערג, 'דרויבּ.. „ער האָט אונטערגעשמאָרעט מיט דער נאָז...און האָט ניט געענטפֿערט“, ש. בּרעגמאַן, אויפֿן מזרח איז ניט רואיק, מאָסקווע 1934. ־עניש.

אונטערשמדן — [...שמאַדן] טרוו. שמד אונטער, ~געשמדט. 1. (איר, וויציק) אַ בּיסל, אַ קאַפּעלע שמדן. א, אָרעמע מענטשן פֿאַר געלט. 2. (שפּאַסיק) ווירקן אויף עמעצן, יענער זאָל בּײַטן זײַן אײַנשטעל. „פֿאַלט אײַן דעם טאַטן אַ געדאַנק אַז ער וועט דעם בּחור אַ בּיסעלע א',„ טמז, 5 1965 III. געוויינלעך

אונטערשמייכלען

מיט ז י ך — רעפֿל. זיך א, כּדי אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט. „האָבּן די פּאָליאַקן אים פֿאָרגעלייגט, ער זאָל ווערן לערער אין דער

שולע, נאָר ער זאָל זיך אַ ביסל א'‟, ספּ,
סודודנ.
אונטערשמוגל־ט. פּפֿ ־ ~שמדכלען. אַ
ן — אוטוו & טרוו. ־גל
אונטער, ~געשמוג
ביסל, צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
שמוגלען, פֿירן קאָנטראַבאַנד אָדער בכלל האַנדלען
אויף אַן אופֿן וואָס איז קעגן געזעץ. א,
(מיט) ווײַן, בראַנפֿן. א, מיט פּאַפּיראָסן אָן
באַנדעראָלן.
אונטערשמועס — דער, ־ן. 1. דזוו
איסשמועס ב1 (←), דורכשמועס. 2.
אונטערהאַנדלונג(ען). פּרוּוו צו פֿאַרבײַטן דאָס וואָרט
אונטעררעדונג. פֿירן אַן א'. דורכקומען נאָך
אַן א'.
אונטערשמועסן — אוטוו. ־עס אונטער, ~
געשמועסט. צו ביסלעך אָדער בשתּיקה דערציילן
וועגן עמעצן אָדער עפּעס (געוויינלעך וואָס
איז לגנאי). א, וועגן סוחר אַז ער איז
באַנקראָט. „און — ווי מע האָט אונטערגעשמועסט
— [איז ע־] אַ שטיקל אַפּיקורס‟, שע, פֿונעס
יאַריד II.
אונטערשמירל — דאָס, ־עך. נעאָל. דאָס
וואָס איז צוגעשמידט פֿון אונטן. פּאָדקעווע.

,,דאָס בלויע פֿערדל מיט אויגן — רובין, מיט פֿיס פֿון הירשן, ווי פֿײַלן דין, מיט זילבערנע א'עך,,, מל, ,דאָס בלויע פֿערדל'.
אתטערשמידן — טרוו. שמיד אונטער, ~ געשמידט. 1. פֿון צײַט צו צײַט שמידן. שמידן פֿון אונטן. א אַ פֿאַס מיט אַן אײַזערנער רייף.

,
א אַ פֿערד = אונטערקלאַפּן פּאָדקעוועס.

,
,,אַז אַ גוי איז געקומען א אַ פֿערד...איז

,
באַריש [= מאַהאַריטש, אַ טרונק בראַנפֿן] געווען דאָס ערשטע געבאָט,,, י. ראָלניק, , לייזער דער שמיד'. 2. פֿיג. פֿאַרהאַרטעווען. אונטערפֿעסטיקן. א, די יוגנט מיט נײַע אידייען. א, מיט גימנאַסטישע אײַנניטונגען. ־ונג.
אונטע ייִכלען — אוטוו. ־כל אונטער, ~געשמייכלט. 1. אַ ביסל, לײַכט שמייכלען פֿון עפּעס וואָס פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן. ער לאַכט ניט, ער שמייכלט בלויז אונטער. א, צו אַ שיינער פֿרוי. ,,לאָמיר הערן דײַן פּלאַן, האָט זיך אָפּגערופֿן דער סולטאַן און דערבײַ אונטערגעשמייכלט", אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. פֿאַר איטלעכן...האָב איך אָפּגעליבט אין טאָג

„ —
אַרײַן דאָס קעלבל, אונטערשמײכלענדיק דערבײַ
פֿאַר גרויס הנאה ווי אַ בעל־שׂמחה“, ממוס,
ספֿר הבהמות. „האָט זיך צעלייגט אין זײַן
קרעסלע און האָט דורך זײַן האַוואַנער ציגאַר
אונטערגעשמייכלט„, ש. וואָלצאָנאַק, דער
קיידאַנער עלוי, ווילנע 1913.
2. מיט אַ לײַכטן שמייכל אויסדריקן שפּאָט
אָדער אַ גוטמוטיק אָפּלאַכן. א, אין באָרד,
אין די וואָנצעס. א, מיט אַ חוזק־שמייכל. „די
אָפֿיצירן האָבן געקוקט אויף די זעלנער,
דערנאָך צווישן זיך עפּעס גערעדט און אַ ביסל
אונטערגעשמייכלט„, ממוס, מסעות. „איר לאַכט,
הער ראַבינער, איר שמייכלט אונטער? איך
מיין אַז גאָט אַליין וועט אויך לאַכן פֿון אַזאַ

אונטערשמייכלען זיך

פֿרומען נאַר„, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר
לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. „און זיי שמייכלען
אָפֿט אונטער פֿון מײַן רוסישן אַקצענט, עפּעס
איז ער צו ווייך ליטוויש־ייִדיש“, י. א.
קאַצאָוויטש, 6O יאָר לעבן.
3. לײַכט שמייכלען מחמת פֿאַרלעגנהייט,

מחמת ניט האָבן וואָס צו זאָגן אָדער ענטפֿערן.
„בעבעט דער אַשמדאי, אונטערשמייכלענדיק ווי
אַ שיכּור„, ממוס, קליאָטשע. „איטלעכס מאָל
וואָס ייִדן האָבן אים דאָרטן געפֿרעגט...האָט
ער קוים־קוים אונטערגעשמייכלט„, בערג,
אָפּגאַנג.
4. דטשמ. נר. אונטערחנפֿענען. א, דעם גבֿיר.
אונטערשמייכלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. דזוו אונטערשמייכלען, שמייכלען אַ ביסל.
אויסהערן דעם קינדס חכמות און א, זיך. „דאָס
אָפּגעבן מזל־טובֿ, מיט דעם א, זיך...בין איך
אײַך שוין ניט אין שטאַנד איבערצודערציילן“,
שע, אָרעמע און פֿריילעכע. 2. שמייכלען צו
זיך אַליין (צו די אייגענע מחשבֿות). „האָט אַ
שטאַרקן גענעץ געטאָן, האָט זיך
אונטערגעשמייכלט אונטער די וואָנצעס„, דער רײַזנדער,
וואַרשע 1883. 3. צוחנפֿענען זיך מיט
שמייכלען, מיט פֿאַלשע רייד. „היה מוכסן אחד...
האָט ער זיך אונטערגעשמייכלט אונטער דעם
בעש“ט (והכּוונה מזה היה חונף את הבש„ט
וכמעט שרימה את הבש“ט)“, ר, ישעיה וואַלף
ציקערניק, מע￼יות ומאמרים יקרים,
זשיטאָמיר 1902. ־עניש.
אתטערשמייכלער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע,

־ס. 1. ווער עס שמייכלט אַ ביסל. בּ.
שעפֿנער פֿאָר, 2 .22 IX 1962. נר. ווער עס
,
חנפֿעט אונטער.
אונטערשמײַסן — טרוו. שמײַס אונטער,
~געשמיסן. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט,
מיט איבעררײַסן שמײַסן. א, די פֿערד, זיי
זאַלן לויפֿן גיכער. „דעם האָט מען מיט
בלײַערנע רימעטלעך אונטערגעשמיסן„, פּרץ,
'פּרינצעסין קוניגונדאַ...'. „איך וואָלט אַ בעלן
געווען זען, מע זאָל דיך אײַנשפּאַנען אין דער
ראָד און א'„, שע, מע יות פֿאַר ייִדישע
קינדער I. „ער האָט געהאַלטן אַ בײַטש און
אונטערגעשמיסן זײַנע טרעגער, געגנוי ווי מע
טוט דאָס אין סדום“, באַש, פֿאַר, 6 X 1964.
2. אונטעריאָגן, מאַכן עס (מע) זאָל זיך
באַוועגן. א, דעם גאַנג פֿון ציוויליזאַציע. “זיי
אײַנשפּאַנען אין אירע מאַשינעס צו שלעפּן,
צו דרייען רעדער, אונטערשמײַסנדיק זיי, מחילה,
מיט עלעקטרישע בליצן“, ממוס, קליאַטשע.
3. פֿיג. פֿון צײַט צו צײַט שטעכן,
שטעכעלירן, אַרײַנזאָגן. א, אונדזער עולם מיט
ביטערער סאַטירע.
4. אוטוו. מאַכן פֿון צײַט צו צײַט

באַוועגונגען, אַזוי ווי בײַם אונטערשמײַסן. שפּאַצירן
און א, מיט אַ ריטל, בײַטשל אע. מיט ז י ך.
1. רעפֿל. א, זיך מיטן בעזעמל אין באָד.
,,קי אויסגעשטרעקט אויף דער גאַס, מעלה־גרהן,
אונטערשמײַסנדיק זיך מיט די ווײַדלען“, ממוסI
ווינטשפּ. 2. קזוו — דזוו אונטערשמײַסן, ב3.
־עכץ. ־עניש.

799

אונטע ײַסער — דער, ־ס. 1. ווער עס
שמײַסט אונטער. דער אויפֿזעער דער א'.
2. לערנייִנגל אָדער אַרויסהעלפֿער בײַ אַ
בעלעגלה. 3. (מיט ביטול) ווער עס וואַרפֿט זיך
אונטער אַ שטאַרקערן און פֿירט אויס זײַנע
שלעכטע באַפֿעלן. ,,...גערעדט אויף דעם אָוונט
קעגן די רויטע שקלאַפֿן־טרײַבער און זייערע
א',,, באַש, פֿאָר, 9 1965 ▯I. ,,פֿראַנקרײַך האָט
בײַם ערשטן שאָס זיך אונטערגעגעבן און גלײַך
אָנגענומען די ראָלע פֿון ווערן אַן א'“, בצג,
טמז, 3 0▯19 I.
אונטע ײַען — אוטוו. שמײַע אונטער,
~געשמײַעט פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך

.

שמײַען, אַרומלויפֿן, אײַלן זיך, האַוועןְ. א,
ווי אַ מעקלער. א, ווי אויף אַ יריד. א, (ווי)
אויף אַ (פֿרעמדער) חתונה.
אונטע ינקע — די, ־ס. שמירעכץ פֿאַרו
פּנים אונטער דער אייגנטלעכער שמינקע. גרונט,
טאָן פֿאַר שמינקע פֿריִער אַרויפֿלייגן די א',
.
דערנאָך זיך פֿאַרגרימירן.
אונטערשמינקען — טרוו. ־ק(ע) אונטער,
~געשמינק(ע)ט. 1. אַ ביסל, צו ביסלעך,
פֿון צײַט צו צײַט אַרויפֿגעבן שמינקע אויפֿן
פּנים. 2. צופּוצן, אונטערפּוצן. מגזם זײַן
כּדי צו מאַכן שענער, אימפּאָזאַנטער. א, דעם
באַריכט פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג.
־עכץ. ־עניש.
אונטע יצלען — טרוו. ־צל אונטער, ~
געשמיצלט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט
שמײַסן אויף אַ לײַכטן אופֿן. א, דעם שימל.
א, די רײַכע קינדער און אָפּשמײַסן די אָרעמע.
אונטערשמיצן — טרוו. שמיץ אונטער, ~
געשמיצט. 1. דזוו אונטערשמײַסן. 2. אויפֿרעגן,
אַרײַנברענגען אין כּעס, דערצערנען. א, דעם
קעגנער. מיט ז י ך — רעפֿל. זיך אַליין א,
און נעמען שרײַען מיט ווילדע קולות.

אונטע   יר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אונטערשמירן. 2. דאָס מיט וואָס מע שמירט אונטער. פֿעטס, שמירעכץ. 3. כאַבאַר, לאַפּוּוקע. אַ פֿעטער א'.

אונטערשמירן — טרוו. שמיר אונטער, ~ געשמירט. 1. אַ ביסל, צו ביסלעך באַשמירן. א, דעם פּענעץ ברויט, דעם בייגל מיט פּוטער. א, די טאָוולען און דעם רוקן פֿון בוך. א, די וואונד. 2. שמירן פֿון אונטן. א, די פֿאַן מיט פֿעטס און דערנאָך אַרויפֿלייגן די פֿיש צום פּרעגלען. א, דעם מאָטאָר. א, מיט דזשעגעכץ. „זי האָט געהאָלפֿן דעם זיידן א, די שליטנס“, סאָוו, היימלאַנד, 3 .6 1963, No.

אונטערפֿאַרבן. א, דעם גאַניק (מיט פֿאַר). ווי ניט איז א, די ווענט אויף גיך.

4. אונטערקויפֿן, געבן כאַבאַר. „מע האָט מיט אַ 'גראָב שטיקל, אונטערגעשמירט און זיי זײַנען טאַקע אַוועקגעגאַנגען“, פּ. זאַמאַשטשין, קמ, 1870, 5l No. „גיט מען אונדז אַן עצה, מיר זאָלן א, די שומרים בײַ דער טיר, וועט מען אפֿשר זיי יאָ צולאָזן“, שע, מאָטל II. „אונדזער בעל־הביתטע...האָט אונטערגעשמירט און מע האָט אונדז באַלד פּראָכאָדנִייעס [= וועגצעטלען] געגעבן,,, יסtראל

אונטערשמש

רוחמובֿסקי, זכרונות פֿון מײַן לעבֿן, פּאַריז
1930. 5. מאַכן פֿעטער, בֿעסער, ווייכער. א,
דעם האַלדז מיט אַ גאָגל־מאָגל, די שטים זאָל
ווערן ווייכער, גלאַטער.
6. אונטערחנפֿענען. מיט רייד מאַכן מע זאָל
זײַן גינציק. ,,מיט אירע גוטע ריידעלעך האָט
זי זיי אונטערגעשמירט און זי איז
אַרײַנגעפֿאָרן צו זיי אין האַרצן", ש. בֿ. [בֿיקסאָן], די
כּלה איז אַנטלאָפֿן, ווילנע 1912.
7. (קאָרטנשפּיל) שטעלן אויף דער קאָרט
פֿון אַ צווייטן. "און אַמאָל, זעלטן־זעלטן געבֿן
אַ שמיר אונטער אויף יענעמס קאָרט", שע.
אונטערשמירן זיך — ← דפֿוו. אָפּטער
פֿון אַלץ: זיך אונטערחנפֿענען. זיך
אונטערלעקן. זיך אונטערשרײַבֿן (מיט ביטול). ,,און
אַרקאַדי הייבֿט זיך אָן א, צום בעל־הבית,,,
שע, 'פֿריילעכע קאָמפּאַניע'.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשמעלן — טרוו. שמעל אונטער, ~
געשמעלט. דזוו אונטערשמאָלן ←.
אונטערשמעלצן — טרוו. שמעלץ אונטער,

~געשמאָלצן, ~געשמעלצט. 1. אונטערגעבן
פּעטס. א, די זופּ, א, דעם קוגל. א, די פּאַן,
דאָס פֿלייש זאָל ניט צובּרענען. (שפּאָטיש) קומט
ער, שמעלצט מיר אונטער די זופּ און הרגעט
אַוועק דעם גאַנצן עסק. 2. צושמעלצן פֿון
אונטן. צולייטן. א, די ליכט, זיי זאָלן שטיין
אין די לײַכטערס. א, די דרעטלעך.
3. אונטערהעלפֿן מיט עפּעס גוטס.
אַרויסהעלפֿן פֿון צײַט צו צײַט מיט געלט. „אַלע
חודש קומט דער פּאָטשטאַליאָן מיט אַ בּריוו
און געלט פֿון אַמעריקע. שמעלצט עס אונטער
און מע שלעפּט דאָס קרעמל“, רייד. 4. דזוו
אונטערשמירן, געבּן כאַבּאַר. „אונטערגעשמעלצט
מיט אַ פּאָר מזומענע טויזנטער און געפּועלט„,
ש , אַפּיקומן'. 5 פּיג. צוגעבּן פּעטס, מאַכן
, .
שמאַלציקער. א, די מעשׂה (דעם מאָנאָלאָג)
מיט גראָבּע וויצן. 6. פּיג. צעשמעלצן.
אַרויסגנבֿענען פֿון אַ פֿאַרשלאָסן אָרט. „איך האָבּ
אָנגעהויבּן פּלוטעווען, פֿאַרזעצט מײַנע הײַזער,
אונטערגעשמאָלצן די קאַסע“, שע, מאָנאָלאָגן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אונטערשמעקן — שמעק אונטער, ~
געשמעקט. אוטוו — אַנשטאָט אונטערשטינקען

(איידעלער). ער שמעקט אונטער (עס שמעקט
פֿון אים אונטער) מיט שימל. טרוו — פֿון
הינטן אַרום, פֿון אַ זײַט עפּעס דערגיין,
אויסגעפֿינען. א אַ נײַ אינטריגעלע. א, וואו ער

,
האַלט מיט זײַנע געשעפֿטן. א, צי בײַם שכן
איז טאַקע (אַ) שלום־בית. ־עכץ. ־עניש.
־ער.
אונטע ערגלען — טרוו. ־גל אונטער,
~געשמערגלט. אונטערשמירן מיט פּעטס.
אונטערפּרעגלען מיט עפּעס וואָס גיט אַרויס אַ
שלעכטן ריח. א, מיט חלבֿ.
אונטערשמשׂ — [...שאַמע] דער, ־ים [...
שאַמאָסי]. וונ ־טע, ־ס. 1. געהילף פֿון שמשׂ.
צווייטער שמשׂ. „ווען מן ציבט אויף דיא
ירידים זולן דיא שמשׂים אודר אונטר שמשׂים
גין לנשים, דאז דיא איין ווערפֿין במקום
איר מאַנן„, תּקק. „הינטן זײַנען נאָכגעגאַנגען

אונטערשנאַטערן

...די שטאָט־משרתים, א'ים, חזנים פֿון קליינע
שטעטלעך...„, אמד, סיום התּורה, ווילנע 1868.
„ער איז א, אין אונטערשטן קלײַזל, נעבעך

אַ כּשרער ייִד,,, שע, 'דאָס טעפּל'. ,,ער איז געזעסן אונטער דער הרובֿע איבֿער אַ גמרא, דאָרטן וואו דער א, געפֿינט זיך“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,דורך משקה ווערט יעדער שטאָלץ און פֿריילעך פֿון אַן א, ווערט אַ מלך“, גאָר,

,

שירי — יודישע לידער, וואַרשע, 1889. 2. אונטערלעקער, חונף. דעם גבֿירס א'.

אתטערשנאַטערן — אוטוו. ־ער אונטער, ~געשנאַטערט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו צײַט אַרויסבּרענגען קלאַנגען ווי אַ גאַנדז, קאַטשקע. אונטערגאַגערן.

אתטערשנאַפּסן — טרוו. שנאַפּס אונטער, ~געשנאַפּסט. צו בּיסלעך, מיט איבֿעררײַסן טרינקען בּראַנפֿן, שנאַפּס. אונטערשיכּורן. ,,ער האָט ניט געגעסן נאָר געשלונגען...דערבּײַ האָט ער זייער שטאַרק אונטערגעשנאַפּסט און איז געוואָרן פֿריילעך,,, אמד, מיכאל בּרינדזע, ווילנע 1876.

אונטערשנאָרכ(ע)ן — אוטוו. שנאָרך(־כע) אונטער, ~געשנאָרכ(ע)ט. אויך: ~שנאָר(ע)ן. פֿון צײַט צו צײַט, מיט איבֿעררײַסן אָטעמען (אין שלאָף) מיט אַ גערויש. א, און שטערן דעם שלאָף דער גאַנצער שטובֿ. א, ווי אַ

געקוילעטער.

אונטערשנאָר(ע)ן — טרוו. שנאָר(ע) אונטער,

~געשנאָר(ע)ט פֿון צײַט צו צײַט (בּ□ אַ

געלעגנ. י

הייט) שנאָרן, בּעטלען, גיין איבּער די הײַזער.

־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערשנורעווען — טרוו. ־רעווע אונטער,

~געשנורעוועט. (צו)שנורעווען פֿון אונטן.

אַ ביסל, אַבּי ווי פֿאַרבּינדן מיט אַ שנור.

א, דעם קאָרסעט, די שיך אדגל. א, דאָס נעזעלע

און ווערן בּרוגז.

אונטערשניאָשקען — טרוו. ־קע אונטער,

~געשניאָשקעט. צו בּיסלעך, פֿון צײַט צו

צײַט טרינקען שאַרפֿע משקאות בּיזן ווערן

(אַ בּיסל) שיכּור. א, ווי אַ ייִד אום שׂמחת־תּורה.

אויך מיט ז י ך.

אונטערשניט — דער, ־ן. 1. שניט פֿון

אונטן. אַן א, בּעת אַן אָפּעראַציע. 2. (קצבֿיש)

חלק פֿלייש וואָס איז אַרומגעשניטן, בּאַפֿרײַט

פֿון שמאַלץ. 3. (גאַרבּערײַ) דעפֿעקט אין

לעדער ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ שניט אין דער

פֿעל אויף דער לינקער זײַט וואָס איז

מערקלעך אויך אויף דער רעכטער זײַט. אַ שטיק

לעדער מיט אַן א'.

אונטערשנײַדן — טרוו. שנײַד אונטער, ~
געשניטן. 1. אַ ביסל, אויף אַ לײַכטן אופֿן
אַרומשנײַדן, אַראָפּשנײַדן, אָפּשיידן. אײַנשנײַדן.
א, דאָס גראָז. "איך...שנײַד אונטער
הינעראויגן", מ. מאַן, גק, 47 No. ,,שנײַד אָפּ די
פֿעל, אונטערשנײַדנדיק די ווייכע
אונטערהויטגעוועבן", יאַכ. ,,קיין 'צוגעוואַקסן, צינגל בײַ
אַ קינד טרעפֿט גאָרניט און אויף קיין פֿאַל
טאָר מען עס ניט א'" פֿגעז, ווילנע 1932, 11 No.

,

2. שנײַדן פֿון אונטן. א, דעם אַלטן בוים.
,,איך פֿלעג אין די ווינטערנעכט אומיסנע א,

8()()

די ליכט אין חדר כּדי איך זאָל פֿריִער
אַהיימגיין", אַבֿרהם יצחק בוכבינדער, דער
בלומענגאָרטען, ווילנע 1885. ,,אַן אַקעראײַזן איז אַ
כּלי וואָס דערמיט שנײַדט מען אונטער די ערד
ביז אַ געוויסע טיפֿקייט", מ. וועבער, דער
יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. "די
וויקלראָד האָט געהאַט אונטערגעבויגן די הויכע רייען
ווייץ, אונטערגעשניטן בײַם וואָרצל", ע. איזראַ,
פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928.

3. מאַכן קירצער, אונטערקירצן, אָפּקירצן. א, דאָס קליידל, די הויזן אע. א, די האָר. א אַ פּאה. *א, די קאַפּאָטע = אויך. אַ ביסל
, .
זיך אָפּזונדערן פֿון פֿרומען שטייגער לעבן, ווערן אַ משׂכּיל. „צו לאָזן וואַקסן אַ ביסל די האָר, אונטערצושנײַדן די פּאות“, ממוס, ווינטשפֿ. „איין טאָג שטעלן מיר סדומס בעטל פֿאַר אונדז אַליין, ווער עס איז לענגער, שנײַדט מען אונטער“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „דאָ אַ ביסל אײַנגייען און דאָרט אַ קאַפּעטשקע א'“, פֿאָר, 22 X 1964. *א, (זיך) די פֿליגל(ען) = צונעמען די מיגלעכקייט (זיך) צו דערהייבן, דורכצופֿירן אַ שווערע אונטערנעמונג, אָפּשלאָגן (זיך) דעם מוט. א, די פֿליגלען מיט אַ צעבער פּעסימיזם. „[שבתי־צבֿי] האָט אָנגעטאָן דעם מוסולמענישן טורבאַן און בידים אונטערגעשניטן די אייגענע פֿליגלען“, בּ. רעסלעך, טאָג, 22 II 1964. א, די שׂכירות = פֿאַרקלענערן.

4. אומברענגען, פֿאַרטיליקן. א, אַ גאַנצע אַרמיי פֿאַרוואָס זאָל מיך פֿאַר דער צײַט
— . „ —
א, דער פֿראָסט פֿאַרשיטן דער שניי?“, פּרץ,

'האַלט ס'מויל'. „צי זאָל עס באַטײַטן אַז
אײַערע גופֿן האָט אונטערגעשניטן די זעלביקע
זעג?„, הל, 'אויפֿן קבֿר פֿון ליעסין און
וולאַדעק'. „אָבער אַ האָגל קוילן האָט זיי
אונטערגעשניטן“, י. פּערלאָוו, פּאָר, 22 II 1963.
אונטערשנײַרן זיך — אויטוו. ← דפֿוו. זיך
מאַכן קירצער. זיך אָפּשנײַדן, זיך אָפּטיילן.
„אַז עס פֿלעגט קומען אַ נײַער תּלמיד, האָט
זיך תּוך כּדי דיבור אונטערגעשניטן אַ בוים
צו לאָזן אַ קלעצל צום זיצן“, פּרץ, 'ווי אַזוי
די וואַלד־ישיבֿה...'. *זיך א, די פֿינגער = א)
האָבן קוים־קוים אָדער ניט האָבן גענוג צו
פֿירן די בעלי־בתּישקייט; ב) האָבן קוים־קוים
גענוג סחורה בײַם צושנײַדן אַ מלבוש. *די
פֿיס שנײַדן זיך אונטער = זיי ווערן אַזוי
ווי אונטערגעשניטן. „אין די ביינער — קאַלט,
די שלייפֿן — הייס, די פֿיס שנײַדן זיך
אונטער“, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
אונטערשנײַדער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע,
־ס. 1. ווער עס שנײַדט אונטער. 2. געהילף
פֿון שנײַדער. עמעצער וואָס פֿאַרנעמט זיך
מיט שנײַדערײַ און קען ניט די מלאָכה. „האָסט

געגעבן מאַכן אַ מאַנטל בײַ אַזאַ א', בײַ אַזאַ פּאַרטאַטש!“, רײד.

אונטערשנײַדערן — טרוו. ־ער אונטער, ~ געשנײַדערט פֿון צײַט צו צײַט, אַז עס מאַכט זיך פֿאַרדינען (אויך) בײַ שנײַדערײַ. כאַפּן אַ פֿאַרדינסטל בײַ א'.

אונטערשנייען — אוטוו, אומפּ. שנייט

אונאונטערשעמען זיך

טער, ~געשנייט. שנייען אַ ביסל אָדער צו ביסלעך. „אַפֿילו אין חודש מאַרץ האָט נאָך אונטערגעשנייט“. „ס'איז געוואָרן אַ גליטש, דערנאָך האָט גענומען א', איז גאָר שווער געוועזן צו שטעלן אַ פֿוס“, רײד.

אונטערשנײַצן —— שנײַץ אונטער, ~געשנײַצט. טרוו — אונטערשנײַדן, אַרומשנײַדן קנויטן (פֿון ליכט וואָס שמעלצן). „דער שבת־גוי מוז אַלעמאָל א, די יום־כּיפּור־ליכט אין דער גרויסער שול“. אוטוו — אַ ביסל, צו ביסלעך שנײַצן (די נאָז). אונטערהוסטן און א'.

אונטערשניפּס — דער, ־ן. דאָס געשטעלכל

אויף אויסצובּינדן אַ שניפּס. אַן א, פֿון בּיין.

אונטערשניצן — טרוו. שניץ אונטער, ~ געשניצט. 1. אונטערשנײַדן מיט אַ מעסער. שניצן פֿון אונטן, אַרונטערשניצן. א, די פֿלעקענער, עס זאָל זײַן גרינגער זיי אַרײַנצושלאָגן אין דער ערד. א, דעם בּלײַער. 2. צושניצן כּדי אַרײַנצופּאַסן. א, לײַסטלעך. א, די בּרעטלעך פֿאַר דער טיר. 3. פֿון צײַט צו צײַט זיך בּאַשעפֿטיקן מיט שניצערײַ, מיט אויסשנײַדן פֿון האָלץ פֿאַרשיידענע פֿיגורן. ער איז אַ סקולפּטאָר און פֿאַרנעמט זיך אויך מיט א'. ־ונג. ־עניש.

אונטערשנירן — דזוו אונטערשנורעווען ←. פּפּ: ~שנירעווען.

אונטערשעדיקן — טרוו. ־יק אונטער, ~ געשעדיקט. 1. בּיסלעכווײַז שעדיקן. א, דאָס געזונט. א, די לונגען מיט צו פֿיל רייכערן. 2. אַ בּיסל בּרענגען שאָדן עמעצן. האָבּן אַ לאַנגע צונג און א אַ פֿרײַנד אָן בּייזער כּוונה.

,

3. סאָוו. סיסטעמאַטיש, פֿון צײַט צו צײַט, בּבּיוון בּרענגען שאָדן. א, די פּראָדוקציע, דעם קאָלווירט. 4. בּרענגען שאָדן בּשתּיקה. א, דעם קאָנקורענט. אויך מיט ז י ך — א, זיך בּײַ

שווערער האָרעוואַניע.
־ונג. ־ער (־ין). ־ערײַ.
אונטערשעכטן — טרוו. שעכט אונטער,
~געשאָכטן. 1. (מיט סאַרקאַזם) 'צו ביסלעך,
'פֿון צײַט צו צײַט, אויסהרגענען. „די קאָזאַקן
פֿלעגן א', די פּאָל אַקן פֿלעגן א, — ביז די
'
נאַציס האָבן אויסגעשאָכטן“, רייד. 2. זיך
פֿאַרנעמען מיט שחיטה ווי מיט אַ זײַטיקער
פּרנסה. א, עופֿות ערבֿ יום־כּיפּור.

שאלטן. פּפֿ: ~שילטן פֿון צײַט צו צײַט
אונטערשעלטן — טרוו. שעלט אונטער, ~

געע .
אַרויסברענגען קללות אויף עמעצן (אויך
אַרויסברענגען גראָבע ווערטער, שטאַרק זידלען).
אַרבעטן און א, דעם בעל־הבית. לויבן אין די
אויגן און א, הינטער די אויגן. א, אַן אייגן
קינד און גלײַך זיך צוריקכאַפּן. “מע האָט
ז ך געוואונטשן און מ'האָט דערבײַ
אונטערגעשאָלטן“, באש, פֿאָר, X 1963 19. אויך מיט
ז י ך — קזוו & סתּם פֿאַר זיך, (אַזוי ווי)
אָן אַן אַדרעס פֿאַר די קללות. “טאָמער איז

די בּולבּע...אַ מין וואַסערדיקע,...האָט מען זיך
נאָר אונטערגעשאָלטן און אויך ניט זייער הויך“,
אר, 'בּולבּעס'.
אונטערשעמען זיך — אוטוו. שעם זיך
אונטער, זיך ~געשעמט. אַ ביסל, אויף אַ

אונטערשענקל

ליַיכטן אופֿן, פֿון ציַיט צו ציַיט זיך שעמען;
האָבּן אַ געפֿיל פֿון ליַיכטער בּושה. א, זיך
ווי אַ יונג מיידעלע. ריידן נאַרישקייטן און
דערנאָך זיך א'. זיך א, מיט דער אָרעמער
משפּחה. „בּיַי יענעם דיַיטשלאַנד וואָס
דערקלערט אַז העכסטנס קען עס זיך אַ קאַפּיטשקע
א, 'אין פּרינציפּ„ אָבּער נישט עס האָט, נישט
עס דאַרף האָבּן אַ...שולדגעפֿיל“, ציַיט, טמז,
4 IX 1964. „האָבּן זיך אַ בּיסל אונטערגעשעמט
הלמאַי דער טאַטע זאָגט נישט קיין דבֿר הלכה,
ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ רבֿ אַ גדול“, חג, טמז,
29 5 19▯ I.
אונטערשענקל — דאָס, ־עך. קליין שענקל.
אונטערשטער שופֿלאָד פֿון אַ שאַנק אָדער
שענקל. בּאַהאַלטן עפּעס אין א'.
אונטערשענקל — דער, ־ען. אונטערשטער

טייל פֿוס, פֿון קני אַראָפּ. ספּעצ דער מוסקל,
די ליטקע. „מע זאָל אַ קלאַפּ טאָן אונטערן
קני די כראָמסקע פֿון מוסקל, גיט זיך אַ
הייב דער גאַנצער...א'„ פֿגעז, ווילנע 1928,
.No 15
אונטערשענקען — טרוו. שענק אונטער, ~
געשאָנקען (אויך: ~געשענקט) פֿון צײַט צו
.
צײַט שענקען קליינע מתּנות. א, די קינדער
כלערליי שפּילכעלעך. ־עניש.
אונטערשעפּטשען — טרוו. ־טשע אונטער,
~געשעפּטשעט. 1. אונטערזאָגן גאָר שטיל,
שעפּטשענדיק. א, דעם ריכטיקן ענטפֿער. 2 פֿון
.
צײַט צו צײַט זאָגן עפּעס אין דער שטיל
(ווי פֿאַר זיך). א אַ תּפֿילה, אַ בקשה אע.
,
־עניש.
אתטערשעפּן — טרוו. שעפּ אונטער, ~
געשעפּט. אַ ביסל אָדער ביסלעכווײַז שעפּן. א,
וואַסער פֿון ברונעם, פֿון קוואַל אע. א, ידיעות
פֿון צופֿעליקע לעקציעס.
אונטערשעפּעל(י)אַווען — אוטוו. ־ווע
אונטער, ~(גע)שעפּעל(י)אַוועט. אַ ביסל, פֿון

ציַיט צו ציַיט אַרויסרעדן ניט קלאָר אַ צאָל קלאַנגען (דורכן צו פֿיל אַרויסרוקן די צונג). ,,עס פֿאַרטשעפּעט זיך בּיַי אים די צונג און ער שעפּעליאַוועט אונטער,,, רייד.

אונטערשעפּז — דער, ־ן. געהילף פֿון שעף. ,,דעם א, וואָס איז ניַין מאָנאַטן אין יאָר געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל האָט ער שטענדיק פֿאַרטראָטן,,, ל. קאָבּרין איבּז, מאָפּאַסאַן, ,די ירושה,,.

אונטערשעצונג — די, ־ען. ניט דערשאַצונג. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אונטערשעצן. ,,און דער גיַיסט פֿון א, מאַכט צו נישט מיַין גאַנצע מי,,, א. ל. וואָלפֿסאָן [מינפּי III]. ,,זאָגן אַז קיין שטאָלצערן בּעל־עגלה קען מען ניט געפֿינען וואָלט געווען אַן א',,, שלמה בּן־י◌דאל, פֿאָר, 16 1965 I.

אונטערשע'צן — טרוו. ~שע'ץ, ~געשע'צט. וטשמ. אָפּט געניצט. דזוו אונטערשאַצן, ספּעצ בּ2. ניט דערשאַצן אָדער אָפּשאַצן ניט אין דער געהעריקער מאָס עפּעס וואָס האָט אַ גיַיסטיקן ווערט. ,,ער האָט ניט געזוכט צו א, די ווערק פֿון די איצטיקע שריַיבּערס“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. ־ונג. ־ער.

או'נטערשעצן — טרוו. שעץ אונטער, ~ געשעצט. ← אונטערשאַצן & דפֿוו. [דאָס אַריבערטראָגן דעם אַקצענט אויף א ו נ ט ע ר, דאָס באַטראַכטן אונטער ניט ווי אַ פּרעפֿיקס נאָר ווי אַ קאָנווערב איז אַ מיטל צו מאַכן ייִדישער דפֿוו.] א, אַן אייגענעם אויפֿטו. א, אַ קונסטווערק, אַ נײַע אידיי(ע). „דער תּלמוד איז זייער ווײַט פֿון איגנאָרירן אָדער א, די אוממאָראַלישע נייגונגען אין מענטשן“, גרינ, ייִד און וועלט. „מיר האָבן אונטערגעשעצט אונדזערע דערגרייכונגען“, בּ. שעפֿנער, פֿאָר, 1964 ▯ 16. ־ונג. ־ער.

אונטערשערל — דאָס, ־עך. לאָקל, (מינסק & אומגעגנט). זידלוואָרט: מסור. „...וואַרפֿן אויף אים מיט שטיינער...און שרײַען...גנבֿ! גזלן! רוצח! איזבאָרשציק!...מסור! א'“, א. אַלטמאַן אויס סטאָלבצי, דער פֿאַבריקאַנט, ווילנע 1893.

אונטערשערן — טרוו. שער אונטער, ~ געשאָרן, ~געשוירן. 1. שערן אַ ביסל, אַרומשערן (די האָר פֿון קאָפּ). „דער קאַמערדינער האָט מיך געשווינד איבערגעקעמט, אונטערגעשוירן די האָר„, ממוס, קליאַטשע. „די מערסטע

האָבן געהאַט בלויז פֿאַרקירצט די קאַפּאָטעס, אונטערגעשוירן די פּאות“, באַש, פֿאָר, 28 II 1964. „מע דאַרף א, באָרד און פּאות... לערנען רוסיש און קענען אַ מלאָכה„, חג, טמז, 23 X 1964. [א, די פּאות, א, באָרד און פּאות איז געווען אַ סימן אַז מע רײַסט זיך אָפּ פֿון טראַדיציאָנעלן שטייגער לעבן, מע ווערט 'געכאַפּט אין דער מעשׂה„ משׂכּיליש, אַפּיקורסיש.] מיט ז י ך — „שערט זיך קורץ אוגטער אירע לאַנגע לאָקן“, ב. זילבערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885. *א, די צויטן = אויך: א) אויסגלײַכן אומפֿאַרשטענדענישן; ב) אויספֿאַרריכטן בײַם איבערקוקן אַן אַרבעט. 2. מאַכן קירצער מיט אַ שער. א, די פּאַפּירלעך, אַלע זאָלן זײַן גלײַך. א, די צווײַגעלעך. א, אַן אַרבל.

3. אונטערשנײַדן, מאַכן שוואַכער; מאַכן ווינציקער. אונטערהאַקן. א, דעם בודזשעט. „שערט אונטער די אַרזי הלבֿנון, זיי זאָלן ניט זײַן העכער ווי געוויינלעך גראָז„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. *א, די פֿליגל(ען) = צונעמען מוט, מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען פֿעאיקייטן, טאַלאַנט. „זי איז, ווי אַ פֿויגל, אַ ווײַסע געווען...וואָס האָט אויף דער אומריינער

ערד אומגעפֿלאַטערט, די פֿליגלען...
אונטערגעשאָרן פֿאַרמאַטערט פֿאַרלאָרן“, אַל II, 'פֿאַר
...   ,
איר נשמה'. „די צוויי וועלט־מלחמות האָבן איר
[ענגלאַנ] היפּש אונטערגעשוירן איר מאַכט„,
פֿאַש, 2 1951, No.
4. בשתיקה ברענגען עמעצן גרויס שאָדן.
א, יענעמס פּאָזיציע מיט פֿאַלשע רייד. א, דעם
אַרבעטער מיט מסירות פֿאַרן שעף. א, עמעצן
(אין אַן אַזאַרטשפּיל) = געווינען בײַ אים
אַ סך און לאָזן אָן געלט.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע).
~געשפּאַכטלט. אויך: ~שפּאַכ(ט) ונטער,
אונטערשפּאַכטלען
עווען.
— טרוו. ־טל

אונטערשמירן, אונטערקלעפּן מיט קיט,
וואַפּנע אָדער אַן ענלעכן נאָכגעביקן מאַטעריאַל.

אונטערשפּאַרן

א, די טיר. א, און דערנאָך אונטערפֿאַרבן.

־ונג.

אונטערשפּאַלטן — טרוו. שפּאַלט אונטער, ~געשפּאָלטן. 1. שפּאַלטן פֿון אונטן. א, דעם צעמענטענעם ברוק. 2. אַ ביסל, צו ביסלעך שפּאַלטן. א, די קלעצלעך, זיי זאָלן אַרײַן אין אויוון. ־ונג. ־עניש.

או􏰀נטערשפּאַלירן — טרוו. ־ליר אונטער, ~געשפּאַלירט. שפּאַלירן דעם אונטערשטן טייל (ווענט). א, פֿון אונטן מיט וואַנטפּאַפּיר און פֿון אויבן לאָזן איבערפֿאַרבן אויף ווײַס ־ונג.

.

אונטערשפּאַנען — שפּאַן אונטער, ~ געשפּאַנט. אוטוו — אונטערקומען שפּאַנענדיק, שטעלנדיק גרויסע טריט. „גייט, גייט, מיר'ן א, און אײַך דעריאָגן“, רייד. אַקוזוו — אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט דורכשפּרײַזן. גרייט אונטערצושפּאַנען די עטלעכע קוואַרטאַלן. טרוו פֿאַרענדיקן אײַנשפּאַנען. א, די פֿערד און

— —

זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. מיט ז י ך — אויך: אונטערציִען זיך, אונטערגאַרטלען זיך.

אונטערשפּאַסן — אוטוו. שפּאַס אונטער, ~געשפּאַסט פֿון צײַט צו צײַט, צו ביסלעך,

.

אויף אַ לײַכטן אופֿן טרײַבן שפּאַס, זאָגן אַ
חכמהלע. קענען א, און דערבײַ קײנעם ניט
באַליידיקן.
אונטערשפּאַצירן — אוטוו. ־ציר אונטער,
~געשפּאַצירט פֿון צײַט צו צײַט שפּאַצירן,
.
זיך דורכגיין. צושפּאַצירן. א, צום זיידן. א,
צום וואָקזאַל.
אונטערשפּאַר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אונטערשפּאַרן. 2. פֿיזישע זאַך וואָס פֿאַרהיט
פֿון אומפֿאַלן. אַן א, פֿאַרן דאַך, פֿאַרן פּלויט.
,,די צווײַגן בלײַבן אַלעמאָל שוואַכע...דעריבער
שטעלט מען צו צום אויפֿגעהאָדעוועטן
ווײַנטרויב אַן א',,, ד. האָכבערג איבז שמײַל,
געוויקסן.
3. דאָס וואָס העלפֿט עס זאָל בלײַבן, זײַן,
זיך ניט צעפֿאַלן. אַן א, פֿאַר דער באַוועגונג.
4. באַווײַז, ראַיה, מאָטיווירונג. אַן א, פֿאַר
דער סבֿרא, פֿאַר דער מיינונג. זיך נייטיקן
אין אַן אידייאישן א'. ,,די תּורה האָט הש,,י
פֿאַר אַן א, געשטעלט צו דער גאַנצער וועלט,,,
... — —
ישרי לבֿ, ווילנע 1867. ,,עס איז פּשוט ניטאָ
קיין היסטאָרישער א, פֿאַר אַזאַ נאָמען,,, קאָס,

יִישפּ III ׳ י5 .1 ,X. דאָס וואָס העלפֿט אַרויס. שטיצט, לאָזט ניט פֿאַלן מאַטעריעל אָדער גײַסטיק. „דאָס ביסל געלט וואָס איך האָב אָנגעקליבן איז מײַן א, אויף דער עלטער„.
6. דזוו אונטערשפּאַרער. מײַן פֿרײַנד איז מײַן א, (אין נויט).

אונטערשפּאַרן — טרוו. שפּאַר אונטער, ~ געשפּאַרט. 1. אונטערשטעלן אין אַ זײַט, כּדי עפּעס זאָל זיך האַלטן, זאָל ניט פֿאַלן. א, די סטעליע, דעם דאַך, אַ בוים. א, אַ וואַנט (וואָס האַלט אין אײַנפֿאַלן). „מע מעג אונטערשטעלן און א, מיט אַ באַנק“, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818. „ווען די שטענגלען בייגן זיך צו דער ערד, שפּאַרט מען זיי אונטער מיט צווײַגלעך„, מ. וועבער, דער יודישעך פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. „נאָכן טויט מעג מען מיט מיר א,

אונטערשפּאָרן

אַ פּלויט„ [ענטפֿער פֿון אַן אַפּיקורס אויף דער וואָרענונג אַז נאָך זײַן טויט וועט מען אים מקבר זײַן אונטערן (הינטערן) פּלויט פֿון ביתהקבֿרו ׳].
*א, דאָס האַרץ = אונטערלענען דאָס האַרץ;

עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, ווען מען איז פֿאַרשמאַכט. „נאָר די פֿייגעלעך...היפּן אַרום אין ליים און זוכן אַ ווערעמל די הערצלעך אונטערצושפּאַרן„, פּרץ, 'די אַכטע אָפּטיילונג אין גיהנום'. „שפּרינגט ער אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן כּדי אונטערצושפּאַרן דאָס האַרץ„, טמז, 14 1□19 X.

2. שטעלן, האַלטן פֿון אונטן ווי אַן אָנשפּאַר. א, די פֿיס אויף דעם פֿוסבענקעלע. „ער נייגט דעם הימל...אַ וואָלקן שפּאַרט די פֿיס אים אונטער [תּהלים יח, 10]„, ממוס, קליאַטשע. „אַן אויסגעווייקטער בחור אין אַ שוואַרצן קראַגן וואָס האָט שטאָלץ אונטערגעשפּאַרט זײַן לאַנגן גאָרגל„, אַר, 'די חבֿרה כּלי־זמר'.

3. אונטערלענען מיט די הענט. „האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט און פֿאַרטראַכט זיך“, בר־כּוכבֿא, דער פֿוטער, ווילנע 1894. „מיט אויסגעשפּרייטע הענט...ווי ער וואָלט זיך געריכט א, די באַלקנס“, חג, 'דער פּדוש„.

4. מעט, פֿיג. אַזוי ווי די בב 1־2. „גאָט שפּאַרט אונטער די כּותל מערבֿי וואָס זי איז געבליבן פֿון דעם בית־המקדש“, מלרה. „קומט אַרײַן צו מיר עפּעס אַ פּריץ...כּמעט

אונטערגעשפּאַרט מיטן קאָפּ דעם בוידעם“, שע,
אָרעמע און פּריילעכע I. „דערפֿאַר מוז מען האָבן
ברייטע פּלייצעס — כּדי אונטערצושפּאַרן דעם
באַלקן פֿון דער צײַט וואָס אָט־אָט פֿאַלט ער
אײַן„, קאָר I. „זיי האָבן געטאָן אַלץ אין זייערע
כּוחות אונטערצושפּאַרן די זײַלן פֿון אמונה„,
באַש, פֿאָך, 1964 I ו 3.
5 פֿאַרשפּאַרן פֿון אינעווייניק, מע זאָל ניט
.
קענען עפֿענען. „על־כּן טאָר מען נישט
נעמען אַ שטיק האָלץ אונטערצושפּאַרן די טיר,
רק אַז מען איז מייחד די זאַך פֿאַר שבת„,
ספֿר שלחן ערוך, ח“א, [זשאָלקעוו אָנהייב 19.
י„ה]. „איך האָב געכאַפּט דעם אײַזערנעם דראָנג
וואָס מע שפּאַרט מיט אים אונטער די טיר“,
דער לעבעדיגער מת, לעמבערג [יאָר I. „מע
שפּאַרט אונטער מיט אַ פּאַרטע די טיר און
מע נעמט זיו דערציילן מעשׂיות„, י.
פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No.
6. אַרײַנרוקן עפּעס, עס זאָל זיך ניט
פֿאַרמאַכן. א, די טיר מיט אַ שטיק האָלץ. א, די
פֿאָרטקע, דער ווינט זאָל זי ניט פֿאַרמאַכן (
פֿאַרקלאַפּן).
7. אונטערשטופּן, אונטערשטויסן. אַלע

אינאײנעם טאָן אַ שפּאַר אונטער דעם וואַגאָן, ער זאָל זיך רירן פֿון אָרט.

8. אַרונטעררוקן, אַרונטערשטופּן. א, די צײַטונג אונטער דער טיר.

9. העלפֿן, אַז עס זאָל בלײַבן, עס זאָל זיך ניט צעפֿאַלן. א, די שול מיט אַ נײַער פֿאַרוואַלטונג. א אַ פֿראַקציע, אַ ריכטונג.

,

1O. אונטערשטיצן מיט געלט, מיט ממשותדיקער הילף. א, אַ הענדלער מיט אַ הלוואהלע. ,,אירע עלטערן זענען ניט געווען קיין רײַכע,

8()2

פֿלעגט זי זיי א, מיט אַ קערבל פֿון איר געניי,,, ש. בעקערמאַן, די געהיימניסע פֿון אַדעס, אַדעס 1885. 11. אונטערשטיצן מאָראַליש. א, די אמונה. א, די אומזיכערע יוגנט מיט אַ געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל. 12. ברענגען אַ מאָטיוו, ראַיה, באַווײַז. א, אַ היפּאָטעז, אַ טעאָריע מיט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל.

13. אַרומלייגן. א, מיט וואַטע די אַקסלען פֿון מאַנטל. א, מיט ברענשטאָף און אונטערצינדן. ,,אָבער א, אַ הויז פֿון אַלע זײַטן און

אונטערצינדן איז טאַקע רציחהשדיק“, פּרץ, ,נומער 42'. אויך מיט ז י ך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע).
־ערײַ.

אונטערשפּאָרן — טרוו. שפּאָר אונטער, ~ געשפּאָרט. אַ ביסל, צו ביסלעך שפּאָרן, אײַנשפּאָרן, אָפּשפּאָרן. א, פֿונעם מאָגערן פֿאַרדינסט און גיין לײַטיש אָנגעטאָן. א, די כּוחות אויף די עלטערע יאָרן. א, אַן איבעריקן גאַנג.

אונטערשפּאַרע — די, ־ס. דאָס וואָס מע ניצט כּדי אונטערצושפּאַרן, אונטערצופֿעסטיקן: קלאָץ, ברעט, שטאַנג, בעלקע אע.

אונטערשפּאָרען — טרוו. ־רע אונטער, ~ געשפּאָרעט. (אַ ביסל, אויף אַ לײַכטן אופֿן) אַ דריק טאָן דאָס פֿערד מיט די שפּאָרן (שפּאָרעס). ,,דער פּרינץ האָט דערהערט פֿון־ דערווײַטנס אַ פֿרויען־שטימע, האָט ער אונטערגעשפּאָרעט זײַן פֿערד און איז צוגעקומען,,, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

אונטערשפּונטעווען — טרוו. ־טעווע אונטער, ~געשפּונטעוועט. צו ביסלעך פֿאַרמאַכן, פֿאַרשטאָפּן, פֿאַרקלאַפּן מיט אַ שפּונט. שפּונטעווען פֿון אונטן. א, די אָנטלען ווײַן, די באַרילקעס ביר אדגל.

אונטערשפּיאָנירן — טרוו. ־ניר אונטער, ~(גע)שפּיאָנירט. פֿון צײַט צו צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט שפּיאָנירן. דער מיליטערישער אַטאַשע פֿאַרנעמט זיך אויך מיט א'.

אונטערשפּיגל — דער, ־ען. 1. די פֿאַרקערטע זײַט פֿון שפּיגל. 2. שפּיגל פֿון אונטן, האַרט בײַם דיל (אין שוכגעשעפֿטן אאַ).

אונטערשפּיגלען — טרוו. ־גל אונטער, ~ געשפּיגלט. באַגיסן, באַשמירן גלאָז מיט אַן אַמאַלגאַם פֿון צין, עס זאָל ווערן שפּיגלגלאָז.

אונטערשפּיגלען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אויף אַ קורצער ווײַלע אַדער אָפּט כאַפּן אַ קוק אין שפּיגל. א, זיך יעדער פֿרײַע מינוט. 2. זיך צאַצקען מיט עפּעס אָדער עמעצן. א, זיך מיט די אייניקלעך.

אתטערשפּיזל — דאָס, ־עך. שפּיזל וואַס מע האַלט אין דער לינקער האַנט ווען מע אַרבעט (זאָקן), מע שטריקט.

אונטערשפּײַזן — טרוו. שפּײַז אונטער, ~ געשפּײַזט. צו ביסלעך, פֿון צײַט צו צײַט געבן, באַזאָרגן מיט שפּײַז, טיילווײַז אויסהאַלטן. א, אָרעמע קרובֿים.

אתטערשפּײַען — אוטוו & טרוו. שפּײַ אונטער, ~געשפּיגן, ~געשפּײַט. [לר אויך: ~

געשפּיִען]. פֿון צײַט צו צײַט, מיט איבעררײַסן
אַרויסברענגען פֿון מויל שפּײַעכץ (אָדער עפּעס

אונטערשפּילן

צוזאַמען מיט שפּײַעכץ). א, מיט בלוט. „
שוימענדיקער לייכעץ האָט זיך אָנגעקליבן אין זײַן
מויל און ער פֿלעגט אַ קאַפּיטשקע א'“, ש.
וויגאָדאַ, פֿאָר, 1964 ▯ 3.
אונטערשפּיל — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערשפּילן. אויך: דזוו צווישנשפּיל.
אונטערשפּיל(י)ע(נע)ן — טרוו. שפּיל(י)ע
אונטער, ~געשפּיל(י)עט. 1. פֿאַרשפּיל(י)ען פֿון
אונטן. א, די קנעפּלעך. א, די הויזן. 2.
אָנשפּיליען, אָנטשעפּען. א, דעם קאָנקורענט אַ
ספּראַווע.
אתטערשפּילן — אוטוו & טרוו. שפּיל
אונטער, ~געשפּילט. 1. צו ביסלעך, פֿון צײַט
צו צײַט שפּילן. א, אויפֿן פֿידל. א, טעאַטער
(ווי אַן אַמאַטאָר).
2. בײַם רעדן פֿאַר אַן עולם בכּיוון זײַן
טעאַטראַליש, האָבן אין זינען דעם עפֿעקט פֿון
די רייד און דערבײַ זיי מאַכן דראַמאַטישער.
„אַ גוטער רעדנער איז שטענדיק אויו אַ ביסל

אַן אַקטיאָר און ער שפּילט אונטער,,, רייד.
,,...בלויז אונטערצושפּילן...אָדער צו קריגן אַן
אַפּלאָז פֿון זײַנע צוהערער,,, בצג, טמז,
.15 □ 19□4

3. בײַם שפּילן האָבן אין זינען דעריקר
די גאַנצע גרופּע (מאַנשאַפֿט) און אַרויסהעלפֿן
דעם מיטשפּילער. א, דעם סטאַר. א, די פּילקע
דעם חבֿר, יענער זאָל קענען אַרײַנקלאַפּן דעם
גאָל.

4. שפּילן מער אײַנגעהאַלטן ווי די ראָלע
פֿאַרלאַנגט, אָדער ווי מע ריכט זיך. היפּוך
פֿון איבערשפּילן. א, די ראָלע פֿון דעם
הויפּטהעלד.

□פֿ. איבעוגעבן עפּעס אויף אַן
אײַנגעהאַלטענעם אופֿן, פֿאַרמינערנדיק, אָן שום גוזמא,
אָן
עפֿעקטן. א, דעם באַריכט.

6. שפּילן פֿון אונטן. א, אַ סערענאַדע, אַ
,דאָבראַנאָץ, אונטערן פֿענצטער.

7. אוטוו. מיט איבעררײַסן (אָבער אויך אַ
לענגערע צײַט) שפּילן אַזאַרטשפּילן. אײַנשטעלן.
א, אין קאָרטן. א, אויף דער בערזע. ,,צוואַנציק
יאָר האָט ער אונטערגעשפּילט אויף פֿערדלעך,
ביז ער האָט פֿאָרט געוואונען‘‘, רייד. א, מיטן

געזונט.

8. אַרויסגיין מיט אַ נידעריקער קאָרט כּדי דער מיטשפּילער זאָל זי נעמען. א, אַ צווייטל, אַ נײַנטל. 9. אַרויסגיין מיט אַן אומפּאַסיקער קאָרט. „וואָס האָסטו אים אונטערגעשפּילט אַ טרומף? ביסט אַ קאַליקע!“, רייד.

1O. פֿטמ. אונטערגעבֿן מוט. „ווען [איינער] גיט צו [עמעצן] קוראַזש מיט זײַנע רייד, ...הייסט עס 'ער שפּילט אים [דאַטיוו] אונטער,“, יע, וואונדער־אוצר פֿון ייִד, שפּראַך.

11. אָנריידן, אָנדרודלען, אָנהעצן, אונטערהעצן. א, דעם טיפּש, יענער זאָל עס טאַקע טאָן.

12. אַרויסהעלפֿן בײַם אָפּנאַרן, בײַם באַשווינדלען. קריגן אַ פּראָצענט פֿאַרן א, בײַם פֿאַרקויפֿן אַ גלעזל פֿאַר אַ בריליאַנט.

13. אונטערחנפֿענען. א, דעם נגיד [דאַטיוו].

14. מיטהעלפֿן, צוהעלפֿן. די פֿרעסט האָבן אונטערגעשפּילט דער אַרמיי צו פֿאַרטרײַבן דעם שׂונא.

אונטערשפּילן זיך

אונטערשפּילן זיך — אוטוו. קזוו. ← דפֿוו.

1. אַ ביסל, פֿון צײַט צו צײַט שפּילן זיך.

א, זיך מיט די קינדער. „איך גיי צו צו דער
קאַץ און הייבֿ זיו אָן מיט איר א'„, שע,
מע□Iיות פֿאַר ייִד, קינדער 2 .II. פֿון צײַט צו
צײַט שפּילן אויף אַן אינסטרומענט צוליבֿ
אייגענעם פֿאַרגעניגן. א, זיך אויף אַ פֿלייט, אויף
אַ מאַנדאָלינע. 3. פֿלירטעווען, אַ ביסל
צערטלען זיך, ליובֿען זיך. „ער וויל זיך דווקא
מיט איר א„, נאָר זי ענטפֿערט מיט אַ בייזן
בֿליק“, יר. „אָדער ווען עס שאַפֿט זיך זיי
אַ געלעגנהייט צו א, זיך מיט עמעצן פֿונעם
אַנדערן געשלעכט„, פֿאָר, 4 .16 1962 □I. פּטרן
,
צײַט בײַם טאָן עפּעס. א, זיך בײַ דער אַרבֿעט.
־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
אתטערשפּילער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע,
־ס. 1. ווער עס שפּילט אונטער (מיט אַלע
בבֿ). 2. ספּעצ פֿאַרבײַטער, ממלא־מקום פֿון
דעם (דע□) וואָס האָט אַ ראָלע. „דער אַקטיאָר
איז קראַנק און דער א, שפּילט הײַנט אָוונט“,
רייד. 3. עמעצער וואָס איז נאָר אַ שטיקל
מחותּן. “— איז ער פֿון כלהס צד? — כ'ווייס
ניט, עפּעס אַן א'“, רייד. ־□רײַ.
אונטערשפּינען — טרוו. שפּין אונטער, ~

געשפּונען, ~געשפּינט. 1. צו ביסלעך, פֿון
צײַט צו צײַט שפּינען. אין די לאַנגע
ווינטערדיקע אָוונטן זיך דערציילן מעשׂיות און
דערבײַ א'. 2. פֿיג. א, רכילות.
אונטערשפּיצל — דאָס, ־עך. הינטערשפּיצל.
שפּיצל, הלצה מיט עפּעס אַ בײַכּוונה,
הינטערגעדאַנק. „אַדרבא, זאָל ער זען אַז מע גייט
דאָ ניט מיט קיין א'עך", בערג, בײַם
דניעפּער I .
אונטערשפּיקעווען — טרוו. ־קעווע אונטער,
~געשפּיקעוועט. (מיט ביטול) פֿון צײַט צו
צײַט, מיט איבעררײַסן נאָכקוקן (עמעצן),
נאָכשפּיאָנירן. א, דעם שכן, צי ער טרײַבט ניט
קיין בראַנפֿן שטילערהייט.
אונטערשפּירן — טרוו. שפּיר אונטער, ~
געשפּירט. 1. דערשפּירן, אויפֿכאַפּן עפּעס
אומבכּיוונדיק און ניט זײַן זיכער, האָבן ספֿקות.
א אַ רויך. א אַן אינטריגע. א, די אָנקומענדיקע
,
סכּנה. 2. דערשפּירו פֿון אַ זײַט אָדער
צופֿעליק. א אַז עס פֿעלט דאָרטן שלום־בית.
,
־ונג.
אונטערשפּעטן — אוטוו. שפּעט אונטער,

~געשפּעט. אויך: ~שפּאָטן. 1. צו ביסלעך,
פֿון צײַט צו צײַט (אָפּ)שפּעטן, חוזקן אויף אַ
לײַכטן אופֿן. א, פֿונעם שוחט מיט פֿעדערן
אין די פּאות. 2. אַ ביסל חוזק מאַכן אין
דער שטיל, בשתיקה, הינטערן רוקן. א, פֿון
אייגענעם רבין.
אונטערשפּעקולירן — אוטוו. ־ליר אונטער,
~(גע)שפּעקולירט. פֿון צײַט צו צײַט, אַ ביסל
שפּעקולירן. א, אויף דער בערזע. א, מיט
וואַלוטע. א, מיט באַשטימען נײַע וואַלן. „פֿון א,
קען מען ניט רײַך ווערן און פֿון שפּעקולירן
ווערט מען בדלות“, ווערטל בעת ערשטער
וועלט־מלחמה. ־ונג.
אונטערשפּראַך — די, ־ן. נעאָל. ניט־

געהויבענע, ניט־קולטיווירטע שפּראַך. אײַנפֿירן אַן
אלף־בית פֿאַר אַן א, פֿון אַ פּרימיטיוו פֿאָלק.
אונטערשפּראָצן — אוטוו. שפּראָץ אונטער,
~געשפּראָצט. 1. אָנהייבן שפּראָצן אָדער
שפּראָצן נאָך אַ ביסל. נאָכן רעגן וועלן א,
די ערשטע בלעטלעך. 2. אונטערוואַקסן. זע
ווי דאָס קינד שפּראָצט אונטער! ־ונג.
אונטערשפּרונג — דער, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אונטערשפּרינגען.

אונטערשפּרײַזן — אוטוו. שפּרײַז אונטער, ~געשפּרײַזט. 1. ניט־געאײַלט שפּרײַזן, שפּאַנען מיט ברייטע טריט. א, און זיך אָפּשטעלן כמעט בײַ יעדן אויסשטעל־פֿענצטער. 2. אונטערקומען מיט ברייטע טריט, שפּרײַזנדיק. לאָמיר גיין, דער טאַטע וועט שוין א'.

אתטערשפּרייט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אונטערשפּרייטן. 2. דאָס וואָס ווערט אונטערגעשפּרייט. אַ טעפּעך ווי אַן א, בײַם אַרײַנגאַנג. ,,אונטער צווײַגן האָב איך זיך באַהאַלטן, מיט אַ שאָטן פֿאַר מײַן א',,, יהואָש, 'בליִעכץ'.

אונטערשפּרייטן — טרוו. שפּרייט אונטער, ~געשפּרייט. 1. אונטערלייגן עפּעס וואָס זאָל פֿאַרנעמען מער שטח אין דער פֿלאַך. א אַ

,

-

לײַלעך אויף דעם געלעגער, אַ טעפּעך אויפֿן דיל, אַ רעדנע אויף דער פּאָדלאָגע. ,,און ווער ער ווירד אויז דען בית־המדרש איז גאַנגן, אַזו האָט מן ווידר אַנדרי אונטר גישפּרייט, און איז אַזו ווידר דרויף נאָך זײַן הויז גאַנגן", לט1, מב/ב. ,,אַ קלייד פֿון צעמישטע מינים

פֿלאַקס מיט וואָל זאָל אויף דיר ניט
אַרויפֿקומען, אָבער א, צו זיצן מעג מען אויף
שעטנז, דאָס איז מן התּורה,,, תּנחומא, שמות,
וואַרשע 1886. ,,בשעת מע פֿירט אַהיים פֿון
פֿעלד דעם געשניטענעם ראַפּס אָדער הירז, לײַן
און קאָנאָפּלע, מוז מען א, אויף דעם וואָגן
אַ לײַלעך,,, מ. וועבער, דער יודישער
פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 2 .1891. אונטערשיטו,
פֿונאַנדערוואַרפֿן פֿון אונטן. א, היי און זיך
אַוועקזעצן. ,,ער זאָל דעם דעריש א אַ סך
,

ווייכע שטרוי,,, ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה
בערלינער, לוואָוו 1896. 3. עפּעס
אויסשפּרייטן בשתּיקה, מיט אַ ספּעצ, כּוונה. א, אַ נעץ.
א אַ פּאַסטקע. ־ונג ־עכץ ־עניש.

, . .
אונטערשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אונטער,
ב י ן און ה אָ ב ~געשפּרונגען [←
אויסשפּרינגען]. 1. אַ ביסל, צו ביסלעך שפּרינגען.
א, ווי קינדער וואָס פֿאַרלויפֿן דעם וועג די
דערוואַקסענע. א, ווי אַ ווילדע ציג, ווי אַ
באָק. ,,אַזעלכע פֿיס מוזן פֿאַר גרויס כּבֿוד
טאַקע אַ ביסל א, און ניט וויסן אַ צײַט זיך

וואו אַהינצוטאָן,,, ממום, מסענת. ,,ער האָט
פֿאַרלייגט די הענט אין די קעשענעס און
גענומען א'“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.
2. שפּרינגען בײַם גיין, בײַם לויפֿן. ,,
פֿיסטריט הינטער אים שפּאַצירט זיך א'דיק אַ
ראָבֿ“, ממוס, שלמה. ,,ייִדעלעך, לויפֿנדיק,
אײַלנדיק, א'דיק, אַרבּעטנדיק מיט אַלע אבֿרים,,,
ממוס, 'בּישיבֿה של מעלה'.
3. דערנענטערן זיך שפּרינגענדיק.
צושפּרינגען. ,,ווען מיר זײַנען שוין געווען ווײַט פֿון
דער שטובּ, האָבּן די קינדער

אונטערגעשפּרונאונטערשפּרינגען

גען צו אונדז,,, רייד. ,,איז דער שפּיצאַסטער
ספּאָדיק אונטערגעשפּרונגען און פֿאַר כּעס
געמאַכט אַזאַ קולאַק...,,, ממוס, ווינטשפֿ.
4. דערווײַטערן זיך מיט אַ שפּרונג, מיט
שפּרינגעניש. אַוועקשפּרינגען. ,,מחמת אים איז
זייער שווער געווען צו גיין גלײַך און געשווינד,
האָט ער געמוזט אַלץ א'“, ממוס, מסעות.
5. אַ שפּרונג טאָן כּדי עפּעס אויסצומײַדן.
א, און אויסווײַכן דעם שטיין. ,,האָבּ...
אָפּגעוואַרט ווען ער וועט אָנהייבּן בּלאָזן און וואַרפֿן

דעם שופֿר, זאָל איך קענען א', ער זאָל מיך ניט טרעפֿן", י. ל. שפּיראָ, דער אידישער גײַסט, מונקאַטש 1932.

6. אונטערקומען האַסטיק, מיטאַמאָל. „אין דער מינוט שפּרינגט אונטער אַ ייִדל: 'ווייץ ווילט איר? איר ווילט קויפֿן ווייץ'", ממוס, שטורעמצײַט.

7. אָנקומען גיכער ווי מע ריכט זיך (וועגן אַ טערמין, אַ באַשטימטער צײַט). דער וועקסל וועט באַלד א'. אפֿשר וועט א, עפּעס אַ פֿאַרדינסטל. „און אָט שפּרינגט אונטער דער פּריזיוו און אויפֿן עקזאַמען שנײַדט מען„, שע, אָרעמע און פֿריילעכע. „אין עטלעכע יאָר אַרום איז אונטערגעשפּרונגען די צײַט צו שטעלן זיך צום פּריזיוו„, ז. גאָלדבערג, צוק, סעפּט, 1957.

8. שפּרינגען אין דער הייך. א, און כאַפּן די פּילקע. א, ווי אַ קאַץ בײַם כאַפּן אַ מויז. „דערנאָך טוט ער זיך ראַפּטאָם אַ צי אויס, א'דיק מײַלן־ווײַט אין דער לופֿט", ממוס, קליאַטשע.

9. זיך אַ הייב טאָן אויף אַרויף איבער עפּעס אַ פֿיזישער סיבה. דער וואָגן שפּרינגט אונטער. די בויד פֿאָרט איבער די הרודעס און

די פֿאַרשוינען שפּרינגען אונטער. „און בשעת איך בין דאָ אַזוי צעטראָגן, טוט זיך פֿון אונטן עפּעס אַ זעץ, אַזוי אַז איז שפּרינג אַזש אונטער", ממוס, קליאַטשע.

1O. אויפֿשפּרינגען פֿון ווייטיק, פֿון אַ קלאַפּ.

11. מיטאַמאָל אויפֿשפּרינגען, דורכגענומען פֿון אַ שטאַרק געפֿיל. א, פֿון אַ פּלוצעמדיקער ידיעה. „ער פֿלעגט אַזש א, פֿאַר גרויס עגמת־נפֿש, זיך כאַפּן פֿאַרן קאָפּ", ממוס, מסעות. „בײַ דעם וואָרט איז די מאַמע אונטערגעשפּרונגען, גלײַך ווי מע וואָלט איר דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ", בן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכה, אַדעס 1893. „מע זעט שוין דעם רויך פֿון צוג! האָבן קינדער אויסגעשריגן און אונטערגעשפּרונגען פֿון שׂמחה", ספּ, סודות.

12. שפּרינגען אויף אַן אָרט. א, בײַ גימנאַסטישע אײַנניטונגען. א, ווי זעלנער בײַם בלײַבן שטיין אין מאַרשירן (כּדי אָנהאַלטן דעם טעמפּאָ). א, ווי אַ געפּענטעט פֿערד אויף דער לאָנקע. „בלויז מיטן שטעקל פֿלעגט ער אונדז בּאַווײַזן ווי אַזוי מע דאַרף זיך בייגן און א'", י. פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 1962, No 2.

13. שפּרינגען בײַם טאַנצן. א, בײַ אַ קאָזאַצקע, בײַ אַ מאַזורקע. „בײַ אַ חופּה אונטערצושפּרינגען דעם חתן מיט אַ חלה„, א. נוסבאַום, פּעסעלע די גאַבעטע, וואַרשע 1885.

14. שפּרינגען בײַם דאַווענען. א, מיט

התאונטערשפּריצן

להבֿות. אַרומלויפֿן און א, בײַ אַ וואָכעדיקן שחרית. „און אַז עס איז געקומען צום 'כשם שאני רוקד, האָבן מיר אונטערגעשפּרונגען, ממש אונטערגעטאַנצט“, שע, מעע)יות און פֿאַנטאַזיעס. „זיי מאַכן פּיסקעלעך, פֿאַרגייען זיך און שרײַען: 'אוי, אוי, טאַטע־פֿאָטער!', א'דיק„, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. *א, ק ד ו ש ה — דרײַ מאָל, בײַם אַרויסבּרענגען 'קדוש, קדוש, קדוש ה, צבֿאות, מלא כל האַרץ כּבֿודו, אין שמונה־עשׂרה בײַם דאַווענען בציבור, בײַ חזרת הש“ץ. „דער עולם איז געשטאַנען שמונה־עשׂרה, אונטערגעשפּרונגען צו קדושה“, חג, טמז, .14 ׳ ⃞ III l9 ⃞ 4

15. שפּרינגען, מע זאָל דערזען, באַמערקן. א, אין די אויגן. „די פֿריילעכע הענדלער וואָס האָבן א'דיק געפֿאָכעט מיט די לויזע

דעקטיכער„, ש. איזבאַן, טמז, 10 1964 I. *א, אין די אויגן = אַרויסוואַיזן חוצפּה. *א, פֿאַרן שׂררה, נגיד אע = אים חנפֿענען.

16. אַרויסדרייען זיך (אַזוי ווי מע וואָלט דערבײַ אונטערגעשפּרונגען. פּרגל ב5). "דער ייִד פֿלעגט מיך אַמאָל וועלן אונטערכאַפּן אין אַ שטיקל גמרא, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט, אַ דריי מיטן גראָבן פֿינגער, אַ שפּרונג אונטער, און שטענדיק זיך אַרויסגעדרייט", הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו 1934.

־עכן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אונטערשפּריצן — שפּריץ אונטער, ~ געשפּריצט. אוטוו — אַרונטערקומען אין פֿאָרעם פֿון טראָפּנס. אַ רעגן האָט אונטערגעשפּריצט. טרוו — 1. אַ ביסל, צו ביסלעך (באַ)שפּריצן. א, דאָס קלייד פֿאַרן אויספּרעסן. 2. (באַ)־ שפּריצן פֿון אונטן. א, בייטן. 3. (צו)שפּריצן בשתּיקה מיט אַ ספּעצ, כּוונה. א, סם פֿאַר די פּרײַסלעך. ־עניש.

אונטערשפּרענקלען — ־קל אונטער, ~ געשפּרענקלט. אַזוי ווי דפֿוו, נאָר מיט טראָפּנדלעך. אַ ביסל אונטערשפּריצן. א, דיביימער מיט אַ פֿליסיקייט קעגן אינסעקטן. 2. (מאַליערײַ) אַ ביסל באַדעקן מיט אַנדערש־פֿאַרביקע

פינטעלעך. א, מיט בלוי אויף אַ ווײַסן פּאָן.
אתטערשקראָבען — טרוו. ־בע אונטער,
~געשקראָבעט. פּפֿ: ~סקראָבען ←. אַ
ביסל, צו ביסלעך שקראָבען. א, די מולטער
(פֿונעם רעשט טייג). א, די פּאָדלאָגע. ־עכץ.
־עניש.
אונטערשרויף — דער, ־ן. שרויף וואָס
געפֿינט זיך פֿון אונטן. צופֿעסטיקן און
צושרויפֿן אַלע א'ן פֿון דער מאָשין.
אתטערשרויפֿן — טרוו. שרויף אונטער, ~
געשרויפֿט. 1. אַרויפֿדרייען אַ שרויף פֿון אונטן.
א, די מאַשין צום וואַרשטאַט. 2. שרויפֿן
ביזן סוף. א, און פֿאַרפֿעסטיקן. 3.
אונטערהעצן. א, די טאָכטער קעגן איידעם.
אונטערשרײַב — דער, ־ן. אַקט פֿון
אונטערשרײַבן, חתימה. „עס איז פֿאַרהאַנדן פֿיל
וועלכע דאַרפֿן...דאָקומענטן, וועקסלען, און
קענען זייער א, (חתימה) ניט לייגן„, ליאָנדאָר,
נײַער בש, ווילנע 1844.
אתטערשרײַבן — טרוו. שרײַב אונטער,
~געשריבן. 1. אָנשרײַבן דעם נאָמען; לייגן,

צושטעלן, אַוועקשטעלן די חתימה. א, אַ
דאָקומענט און דערמיט באַשטעטיקן די ריכטיקייט
פֿון אינהאַלט. א אַ צוזאָג, אַן אָבליגאַציע

,

אאַזוו. א, די בריוו. א, דעם באַפֿעל, דעם
פסק־דין, ער זאָל אַרײַן אין קראַפֿט. „און,
ער זול דען שמשׂ צאלין, אַז ער דען צעטיל
אויס שרײַבט, און, דיא שמשׂים זאלין זײַנה
צעטיל אונטר שרײַבן“, תקק. „און, מיך כופֿה
גיוועזין דאשׂ איך האב אַלשׂ מויזן זעלבשׂט
אונטר שרײַבן צו האַלטן„, גה, 378. „דער
שילער...פּועלט בײַם פֿאָטער, ער זאָל אים א,
אַ צעטל...אַז ער וויל ניט זײַן קינד זאָל
לערנען רעליגיאָן“, ארז, קמ, 1865, No 15.
„ראָש־השנה ווערט אָנגעשריבן, יום־כיפּור —
אונטערגעחתמעט, אונטערגעשריבן“, ממוט,
שלמה. ”אַפֿילו מיניסטאָרן און דער קייסער אַליין
דאַרפֿן זיך אָנהאָרעווען, א'דיק פֿאַרשיידענע
פּאַפּירן“, ש. דיקשטיין, פֿון וואָס איינער לעבט,
זשענעוו 1900. *א, די זופּ — (געטאָ־לשון)
ווען עס איז אויסגעקומען זיך אונטערצושרײַבן
אין דער רשימה פֿון די וואָס זײַנען געקומען
צו דער אַרבעט, אַניט פֿלעגט מען ניט קריגן
קיין זופּ. „נו, שוין אונטערגעשריבן די זופּ“,

בלום. 2. צושרײַבן פֿון אונטן. „איך האָב
דעם בריוו שוין אָנגעשריבן. שרײַב אונטער
אַ גרוס„, רייד. א אַן עיקר־שכחתּי. 3. צו

'

ביסלעך שרײַבן, פֿון צײַט צו צײַט זיך
באַשעפֿטיקן מיט שרײַבערײַ. „ער געהערט ניט
צום זשורנאַליסטן־פֿאַראיין; א, פֿעליעטאָנען איז
פֿאַר אים אַ צײַט־פֿאַרטרײַב“, רייד. 4.
אויסדריקן הסכּמה. צושטימונג. א, אַ פּעטיציע.
5. גאַראַנטירן. א אַ וועקסל. 6. באַשטימען

'

פֿון הימל דעם מענטשלעכן גורל בעת
ימים־נוראים. א אַ גוט און געזונט יאָר פֿאַר
כּל,
ישׂראל. „ווער ווייס וואָסער צעטל מע האָט
מיר אונטערגעשריבן„, רייד.
אונטערשרײַבן זיך — ← דפֿוו. 1.
אונטערשרײַבן דעם אייגענעם נאָמען (און
פֿאַמיליע־נאָמען). א, זיך אונטער (אויף) אַ בריוו,
אויף אַ בקשה אאַזוו. „ווען ער אונטערשרײַבט
זיך [דטש] אויף אַ שריפֿט, זאָל ער אויך
זען ווער דער אַנדערע איזט [!] וואָס
אונטערשרײַבט זיך נעבן אים“, בן־סירא, לעמבערג
1858. „פֿינצטער און ביטער אונטערצושרײַבן

זיך אויף אַזעלכע זאַכן וואָס מע וועט זיך
דעריבער אין אַנדערע שטעט אויסלאַכן,,, אמד,
דער חזן, ווילנע 1874. ,,אַזאַ אַרבעט וואָס נאָר
דערפֿאַר שרײַבן זיך אַנדערע אונטער אויף
יענעמס כתבֿים און הייסן מחברים,,, ממוס,
קליאַטשע. 2. זיך מתחייבֿ זײַן. זיך א, צו
באַצאָלן דעם חובֿ. זיך א, ווי דער זשיראַנט.
3. פֿולקום מסכּים זײַן, צושטימען. מיט
ביידע הענט זיך א, אויפֿן פֿאָרשלאָג. ,,איך שרײַב
זיך אונטער אויף [זײַן] ענטוזיאַזם פֿאַר
דאָקומענטן,,, מוו, ייִשפּ ׄ 1, X.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אונטערשרײַען — טרוו. שרײַ אונטער, ~
געשריגן, פּד, אוקר. ~געשריִען, לד. פֿון צײַט
צו צײַט שרײַען, אָנשרײַען (אויף עמעצן). א,
זידלווערטער אויף די אַרבעטער. ,,דער פּויער
איז געזעסן, געררייכערט גאַנץ רואיק די ליולקע
און איטלעכע רגע אויף די אָקסן

אונטערגעאדניאַט

שריגן: 'סאָפּ, הײַטאַ, סאָפּ'!", ממוס, מסעות.
ס'איז ניט געזונגען, נאָר אונטערגעשריגן.
אונטערשריפֿט — די, ־ן. 1. חתימה,

אונטערשרײַב אויף אַ בריוו, דאָקומענט אע. דאָ פֿעלט די א, פֿון דעם באַאַמטן. „איז דען דאָס שיין? פֿאַרהאַנדן מענטשן וועלכע זײַנען אין שיינעם שטאַנד און קענען זייער א, ניט חתמענען“, ליאָנדאָר, בש, ווילנע 1844. „איך קריץ מײַן נאָמען...און טרייסט זיך טאָמער איינעמס אויג וועט ווען ס'איז פֿאַלן אויף מײַן א',„ יהואָש, 'און איך אַליין'. „און האָט אָנגעשריבן די ווערטער אָן אַ טיטל, נאָר מיט אַן א'“, ספּ, סודות. 2. אידענטיפֿיציר־צייכן, צי אַ צווייטער דאָקומענט איז פֿון דער זעלביקער פערזאָן. „האָט זי פֿאַר דעם חתן אין די אויגן געפּרוווט צולייגן די בריוו זײַנע צו זײַן א, אויף די תּנאָים“, ווײַט I, 'דער אָרעמער יונג'. 3. געדרוקטער אָנווײַז אויף אַ נאָמען. אַן אַרטיקל אָן אַן א'. „אונטער אַן אומפֿאַרענדיקטן אַרטיקל איז ניטאָ קיין א, פֿון מחבר„, אַבּא גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל אַ

”

1957.

אונטערשרעקן — טרוו. שרעק אונטער, ~ געשראָקן. 1. אונטערסטראַשען. א, מיט פֿאַרקלאָגן אין געריכט. 2. פּלוצלינג, אומגעריכט

אָנשרעקן. א, מיט אַ ווילדער געשיכטע. אויך מיט ז י ך.

אונטערשׂכל — [...סייכ] דער, ־ס. 1. קנאַפּער, שוואַכער שׂכל. מיט דײַן א, ווערסט עס ניט באַנעמען. 2. הינטערשׂכל.

אונטערשׂכלדיק — אַדי. וואָס דערגרייכט ניט ביז צום שׂכל. „יִיד־זײַן — דאָ ווירקן כּוחות וואָס לאָזן זיך נישט דערקלערן על־פּי שׂכל. איינער קען זאָגן אַז דאָס זײַנען כּוחות א'ע. איך...וועל פֿון מײַן זײַט זאָגן, אַז דאָס זײַנען כּוחות איבערשׂכלדיקע„, צײַט, טמז, 8 1963 II. ־יקייט.

אונטערשׂרפֿע(נע)ן — [...סאַרפֿענען] טרוו. שׂרפֿע, שׂרפֿן אונטער; ~געשׂרפֿעט, ~ געשׂרפֿנט. 1. אונטערצינדן אַ גרויס פֿײַער. א, אַז אַ גאַנץ שטעטל זאָל אַוועק מיטן רויך. 2. צוברענען. א, דאָס פֿלייש. 3. איבערזאַלצן. א, די זופּ. 4. אַרויסרופֿן, גורם זײַן אַ מחלוקת, שׂנאה, וואָס זאָל אָנמאַכן אַ ,פֿײַער'. א אַ

,

מחלוקת. א, אַ חבֿרה (פֿאַראיין אע) מיט אינטריגעס.

אונטערתּחינהן — [...טכינעה אוטוו. תּחינה אונטער, ~געתּחינהט. פֿון צײַט צו צײַט

(באַ)קלאָגן זיך מיט אַ סך רייד און טענות.
א, ווי די פֿירזאָגערין צו ונתנה־תּוקף.
אוניאַ'ט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. < אוק
< ל. קריסט פֿון גריכיש־אָרטאָדאָקסישן
גלויבן וואָס האָט אַן אייגענע ליטורגיע, אייגענעם
קאַנאָן און אָרגאַניזאַציע, אָבער אָנערקענט דעם
פּויפּסט ווי דעם העכסטן אויטאָריטעט. [די
פֿאַראייניקונג מיט רוים אין 1595, בּריסקער
אוניע.] „די רײַכע קאַטוילישע פּריצים, וואָס
האָבן געהאַט אַ גרויסע עקאָנאָמישע ווירקונג
אויף די אָרעמע מאַכטלאָזע פּויערים, דורכויס
א'ן„, מ. ריבֿקין, דער וועליזשער בּלוט־בּלבול,
ווילנע 1914. ־יש — אַדי. א'ער קלויסטער.

אוניאָן

„אויפֿן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן...פֿאַרבײַ
דעם גרויסן א'ן קלויסטער„, דאָרטן.
אוניאָ'ן — די, ־ס. < איי < ל. 1.
פֿאַראייניקונג, אַסאָציאַציע פֿאַרבאַנד (פֿון יחידים,
,
גרופּעס, שטאַטן, מלוכות) כּדי צו פֿאַרטיידיקן
בשותּפֿותדיקע אינטערעסן פֿון דער א, פֿון

די ערשטע 13 שטאַטן איז געוואָרן די
פֿאַראייניקטע שטאַטן. 2. פּראָפֿעסיאָנעלער
פֿאַראיין, יוניאָן. די א, פֿון באַקלייד אַרבעטער.

אין לאַטײַן־אַמעריקע און פֿראַנקרײַך:
סינדיקאַט.
אוניאָניזירן — טרוו. ־זיר, אוניאָניזירט.
אַרײַנבברענגען אין אַן אוניאָן (←. דפֿוו), ספּעצ
אָרגאַניזירן אַרבעטער אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלן
פֿאַראיין. א, די ביוראָ־אָנגעשטעלטע ־ונג.

אויך: ־יזאַציע.
אוניאָניזם — דער, ־ען. שיטה, טעאָריע פֿון
אָרגאַניזירן לוין־אַרבעטער אין פּראָפֿעסיאָנעלע
פֿאַראיינען און זייער טעטיקייט־סיסטעם.
געטרײַשאַפֿט צום א'. ריכטיקער (פֿאַלשער,
איבערגעטריבענער) א'.
אוניאָניסט — דער, ־ן. וונ ־יו, ־קע, ־ס.
1. אָנהענגער פֿון אוניאָניזם. 2. מיטגליד פֿון
אַן אוניאָן ־יש — אַדי.

אונידאַ'ד — די, ־עס. שפּאַ. 1. אַחדות.
איינקייט. ,,הײַנט מער ווי שטענדיק, דאַרף
זײַן א, בײַ ייִדן,,, רייד. 2. איינס, באַזונדערע
זאַך. ,,רעווידירנדיק די כּלים, האָב איך געטראָפֿן
אייניקע א'עס צעבראָכענע,,, רייד.
אוניוואַלע'נט — אַדי. < איי < ל. 1.
איינווערטיק; דזוו מאָנאָוואַלענט. ''איצט האָט מען
נאָר א'ע וואַלוטעס,,. 2. (כעמיע) וואָס האָט
נאָר איין וואַלענץ, וואָס מע קען צוניפֿבינדן
בלויז מיט איין אַטאָם וואַסערשטאָף. ,,כלאָר
איז א',, — 3 .]Cl□I. (בִיאָלאָגיע) אַליין,
איינציק (וועגן אַ כראָמאָזאָם וואָס פֿאַראייניקט זיך
ניט מיט אַ צווייטן) ־קייט.

.

אוניוואַלע'נץ — די, ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער
פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אוניוואַלענט.
אוניווערמאַ'ג — דער, ־ן. סאָוו. קיצור פֿון
אוניווערסאַלער מאַגאַזין. דעפּאַרטמענט־געשעפֿט.
,,די וואָלענע שאַרף וועלכע זי האָט ניט לאַנג
צוריק געקויפֿט אינעם ראַיאָנעם א'‘‘, א. גאָרדאָן,
סאָוו, היימלאַנד, 2 l962, No.
אוניווע'רס — דער, ־ן. קאָסמאָס, די גאַנצע
וועלט, וועלטאַל. טאָטאַלקייט פֿון אַלע
עקסיסטירנדיקע קערפּערס. דער א, מיט די מיליאָנען

גאַלאַקסן. „דער אינהאַלט פֿון א, פֿונעם
וועלט,
אַל איז איין און דער זעלבער„, א. ש. זאַקס,
דאָס לעבן פֿון פּלאַנצן. „עס איז אָבער געווען
זינלאָז צו זאָגן, אַז אויך דער שטח און די
צײַט פֿון א, זײַנען ענדלעך און מעסטבאַר דורך
צאָלן און מאַסשטאַבן„, גוטנ.
אוניווערסאַ'ל — אַדי. < איי < ל. 1. וואָס
נעמט אַרום אָדער איז גילטיק בנוגע אַלץ אין
אוניווערס. א'ע געזעצן פֿון דער נאַטור. א'ע
כּוחות. 2. וואָס איז חל אויף אַלעמען אין אָ
געזעלשאַפֿט. א'ע (שטימ)רעכט. א'ע
באַגרענעצונגען. 3. וואָס איז (אָדער האָט דעם ציל
צו זײַן) אַרומנעמיק פֿאַר אַלע מענטשן. א'ע
מענטשלעכע שטרעבונג צו גליק. א'ער שרעק

8()5

פֿאַרן טויט. א'ע שפּראַך. א'ע קונסט. טאַנץ
איז א'. „עס זײַנען אויסגעוואַקסן א'ע
רעליגיעס„, זשיט III ו, נ„י 1919. „— איך בין
געגאַנגען זוכן עראַזמוסן פֿון ראָטערדאַם, דעם
א'־מענטש“, קאָר I. „די אידעאַלע...געזעלשאַפֿט
זײַנע באַשענקט ער מיט אַ קאַלטער א'ער

רעליגיע, וואָס ער דיפּלאָמאַטעוועט אויס פֿאַר איר
מיט פֿאַרשיידענע פֿילאָסאָפֿישע קונצן“, צײַט,
טמז, 13 1 ▯ 19 I.

4. וואָס איז חל אויף אַ גאַנצן מין (איז ניט בלויז אַלגעמיין, נאָר איז אויך אָן יוצאימן־הכּלל). א'ע אייגנשאַפֿט פֿון אַלע זויג־חיות (פֿון ביימער, פֿון מעטאַלן אאַזוו). 5. וואָס נעמט אַרום אַ סך פֿאַרשיידענע שטחים. א'ער לעקסיקאָן. א'ע געשיכטע. א'ער גאָון. „ער באַלעבט די שעפֿער אַלע פֿון גאָר דער וועלט,

,

פֿון איבעראַל, די שעפֿער די א'ע — הוגאָ און בײַראָן און לאַסאַל“, אַר, ,געאָרג בראַנדעס'. „אַריסטאָטלען האַלט ענגעלס פֿאַר דעם א'ן קאָפּ צווישן די גריכישע פֿילאָסאָפֿו“, זשיט II ▯, נ„י 1917. א'־מאַגאַזין = וואו מע פֿאַרקויפֿט כּל המינים סחורה.

6. וואָס איז גוט, פּאַסיק פֿאַר פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. א'ער מיטל, א'ע רפֿואה. 7. (לאָגיק) וואָס איז אומבאַגרענעצט אין דער אמתדיקייט. א'ער פּאָזיטיווער זאַץ: אַלע מענטשן זײַנען שטאַרביק. א'ער נעגאַטיווער זאַץ: קיינער איז ניט אַלצווייסיק. אויך מיט דער ענדונג: ־יש.

אתיוורסאַל — דער, ־ן. ← דפּוו. 1. (
לאָגיק) אַ זאַץ וואָס איז אוניווערסאַלער אמת,
למשל: יעדער מענטש איז שטאַרבּיק. 2. אַן
אידיי אָדער בּאַגריף מיט אַן אוניווערסאַלער
אָנווענדונג פּאָרעם, אייגנשאַפּט, מין און די
.
אַנדערשקייט פּון אַ מין — זײַנען א'ן. 3. (אין
אַלטן פּוילן בּיזן 18. י„ה) קיניגלעכער
צירקולאַר. די א'ן פּון קאַזימיר דעם גרויסן. "
אוניוורסל ממלך קאַזמיר אודות טומלטן
שמחויבֿים צו בּרונען און מציל צו זײַן בּשנת אלף
תּרס„ה למספּרם", 1665 [ישעיה טרונק, ספּר
היובֿל...דר, נ. מ. גלבּר, תּל־אָבֿיבֿ תּשכ„ג].
„דער סטאַראָסטע איז געווען גערנוויליק צו
בּאַפּרידיקן אָט די השתּדלות און האָט וועגן
דעם אַרויסגעלאָזט אַן א„„ ימ איבּז, שד II ו.
4. אַלגעמיינע ווענדונג, צירקולאַר צו אַ
בּאַפּעלקערונג. כמעלניצקיס א, = פּראָקלאַמאַציע,
ווענדונג צו דער אוקראַאינישער בּאַפּעלקערונג.
אוניווערסאַליזירונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פּון אוניווערסאַליזירן. ← דוווו.
אָ גערעאָטענע (אָדער געפּערלעכע) א'. אויך:
־יזאַציע.
אוניווערסאַליזירן — טרוו. ־זיר, ־

ווערסאַליזירט. מאַכן עס זאָל זײַן (ווערן) אַלגעמיין, אוניוועסאַל. „לייוויקס אײַנגעבוירענע קענטשאַפֿט צו א, זײַנע לירישע רייד“, יג, איק, 1956, II. „די פֿראַנצייזישע שפּראַך האָט געדאַרפֿט אוניווערסאַליזירט ווערן„, ייִבל 1, XI־2.

„אַ מעגלעכקייט צו א, זײַנע נאַציאָנאַלע שאַפֿונגען“, בצלאל שערמאַן, איק, 9 1962 II.

אוניווערסאַליזם — דער, ־ען. 1. שיטה, דאָקטרין, אײַנשטעל אָדער טענדענץ צו זײַן

אוניזשאַיען

(ווערן) אוניווערסאַל, צו גרייכן צו דעם וואָס איז גילטיק פֿאַר אַלץ אָדער פֿאַר אַלע. עטישער א, פֿון די נבֿיאים. 2. ספּעצ אַזאַ דאָקטרין וועגן געזעלשאַפֿט וואָס גיט די אייבערהאַנט דעם גאַנצן כּלל (אָדער דער מלוכה) לגבי דעם יחיד; היפּוך פֿון אינדיווידואַליזם. 3. ספּעצ. דאָקטרין פֿון אַ פּראָטעסטאַנטישער סעקטע וועגן דער אויסלייזונג פֿון אַלע מענטשן דורך גאָטס ליבשאַפֿט. ־ליסט — דער, ־ן. וונ ־ין (־קע), ־ס. אָנהענגער פֿון אוניווערסאַליזם.

אוניווערסאַלקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ, פּרט־פֿאַל אָדער מדרגה פֿון זײַן

אוניווערסאַל. אַלגעמיינקייט, אומעטומיקייט, אויסגעשפּרייטקייט. א, פֿון אַ געזעץ. א, פֿון לוינאַרבּעט בּײַ דער איצטיקער געזעלשאַפֿטלעכער סיסטעם. א, פֿון נבֿיאישע רייד. א, פֿון עמעצנס וויסן. אויך: ־ליטעט.

אוניווערסיטעט — דער (די אין גאַליציע, בּוקאָווינע), ־ן. < איי < ל. 1. לערן־אינסטיטוציע פֿאַר הויכער בּילדונג, אײַנגעטיילט אין פֿאַקולטעטן; בּאַשטייט געוויינטלעך פֿון אַ צאָל שולן (קאָלעדזשן) פֿאַר בּאַזונדערע צווײַגן פֿון נאַטור־ און מענטש־וויסנשאַפֿטן; טיילט צו די טיטלען פֿון בּאַקאַלאַווער, מאַגיסטער און דאָקטאָר נאָכן דורכשטודירן געהעריקע קורסן און אויספֿילן אײַנגעשטעלטע פֿאָדערונגען אויף אַ וויסנשאַפֿטלעך געבּיט. [עלטסטע א'ן פֿון אייראָפּע אין: בּאָלאָניאַ, פּאַריז, אָקספֿאָרד. אין 1925 גרינדונג פֿון העבּרעאישן א, אין ירושלים. ישיבֿה־א'. בּראַנדײַז־א'.] מלוכהשע און פּריוואַטע א'ן. שטאַטישע און שטאָטישע א'ן. אָפֿטע צונויפֿהעפֿטן: א'־בּיבּליאָטעק, א'־בּילדונג, א'־לערער, א'־לעקציע, א'־פּראָפֿעסאָר. א'־שטאָט = וואָס האָט אַן (און איז בּאַרימט מיט איר) א'. „זיי גיבּן אַוועק דעם לעצטן גראָשן און שיקן זייערע קינדער אין די

גימנאַזיעס און די א'ן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
,,מײַן גאַנצע לערע בּיז יעצט װעט זײַן
אומזאָנסט װען איך װעל ניט ענדיקן דעם א,"‚,
קאַרטוזשינסקי, די גליקליכע פֿאַמיליע,
װאַרשע 1881. 2. בּנין אָדער סכום בּנינים פֿון
אַן א,. ,,אויף װעלכער גאַס איז דער א'?"
־יש — אָדי. ,,צו פֿירן װײַטער זײַן
פֿאָרשאַרבּעט...אין דעם א'ן פֿרויען־שפּיטאָל,,, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן.
אוניװערסיטעטשיק — דער, ־עס. װער
עס שטודירט אין אַן אוניװערסיטעט. סטודענט
פֿון אַן אוניװערסיטעט. "און די משׂכּילים, דער
נײַער דור, די װאָס האָבּן גאָר געטענהט:
אַדרבּא, מי יתן והיה כּל עם ה, א'עס,,, ייִפֿאָל,
.No ,1888 9
אתיזשאַיען — טרוו. ־אַיע, אוניזשאַיעט. אויך
מיט ז י ך. רוסיצ. דערנידעריקן. ,,אמת, איך
װעל זיך טאַקע אַ בּיסל א', נאָר װאָס זאָל מען
טאָן?,,, קמ, l868, No l6. ,,איך האָבּ זיך
שוין אוניזשאַיעט, װאָס נידעריקער קען ניט
זײַן, איך האָבּ זיך אונטערגעלייגט ממש
אונטער יעדן בּעל־מתעסק פֿון דער חבֿרה, יעדן
געבּראַכט אַ באַזונדער פּראָטעקציע", בּ[ים
מעיר קטנה, מײַן ליבּער גאַסט, בּאַרדיטשעװ

*1901

אוניטאַריאַניזם

אוניטאַריאַניזם — דער, ־ען. (פֿרגל:
אוניטאַריזם). 1. דאָקטרין פֿון אוניטאַריער ..).
2. (פּאָליטיק) דאָקטרין אַז די מאַכט אין אַ
מלוכה דאַרף זײַן צענטראַליזירט, (היפּוך פֿון
פֿעדעראַליזם). 3. (פֿילאָסאָפֿיע) לערע וועגן
דער איינסקייט פֿון גײַסט און מאַטעריע.
אוניטאַריזם — דער, ־ען. < איי < ל.
מאָניזם; יעדער מין טעאָריע אָדער דאָקטרין וואָס
איז א היפּוך פֿון דואַליזם פֿון דרײַאייניקייט,

—

,

פֿון פּלוראַליזם. שיטה פֿון גאַנצקייט,
איינסקייט פֿילאָסאָפֿישער א, קען זיך בינדן מיט

. ,,

געזעלשאַפֿטלעכן פּלוואַליזם“.
אוניטאַריער — דער. מצ ווי אצ. וונ ־ין, ־ס.
אָנהענגער פֿון 'אוניטאַס', איינסקייט פֿון גאָט
להיפּוך צו דער קריסטלעכער דאָגמע פֿון
דרײַאייניקייט; אָנהענגער פֿון אַ
פּראָטעסטאַנטישער באַוועגונג און אַ קירך אין אייראָפּע
און אַמעריקע וואָס באַטראַכט ניט קריסטוסן

ווי גאָטס זון. ־טאַריש — אַדי. ,,מע קאָן שוין ניט דערקענען דעם אונטערשיד צווישן ייִדנטום און אַן אַנדער א'ער ריכטונג“, קאָר II.

אוניטשטאָזשען — טרוו. ־זשע,
אוניטשטאָזשעט. רוסיצ. מבֿטל מאַכן; צערײַסן, צעשטערן. אומבֿרענגען. א, דעם שׂונא. א, די גאַנצע אויפֿלאַגע. ,,בײַם ערגסטן פֿאַל דעם זאַלאָג אַוועקנעמען און דעם קאָנטראַקט א',,, קמ, 46 1867, No.

אונילאַטעראַ'ל — אַדי. < איי > ל.
1. איינזײַטיק; וואַס איז אָן דעם הסכּם פֿון צווייטן צד, וואָס איז געמאַכט על דעת עצמו. א'ער באַשלוס. א, בײַטן, אַנולירן אַן אָפּמאַך.
2. (יוריספּרודענץ) וואָס איז מחייבֿ בלויז איינעם פֿון די צדדים אין אַ קאָנפֿליקט. א'ע אָבליגאַציע. 3. (באָטאַניק) וואָס וואַקסט אָדער בליט נאָר פֿון איין זײַט. א'ער נעקטאַר.
4. (מעדיצין) וואָס באַפֿאַלט נאָר איין זײַט פֿון קערפּער. א'ער פּאַראַליז. ־קייט.

אוניסאָ'ן — דער, ־ען (מצ זן). < איי > ל.
1. (מוזט) 'איינקלאַנג', צונויפֿקלאַנג פֿון אַ סך שטימען אָדער אינסטרומענטן וואָס ברענגען אַרויס קלאַנגען פֿון דער זעלביקער הייך. זינגען אין א'. ,,און וואו פֿאַרבאָרגן אין די קוסטן,

אין א, מיט זיי, אין טרעלנדיקע פֿלאַמען־
גלוסטן פֿאַרגייט דער סאָלאָוויי,,, אַל, 'דאָס ליד פֿון
די שניטערס'. 2. האַרמאָניע, דערגרייכטער
הסכּם אין אַ מחלוקת, דיסקוסיע. זיך
אויסגעגלײַכט און געאַרבעט אין א'. ס'האָט זיך
אײַנגעשטעלט אַן א'. ,,עמאָציאָנעל־באַפֿליגלט...אין
א, מיט דער באַגײַסטערונג,,, י. שטערנבערג,
סאָוו, היימלאַנד, 3 1961, No. ־יש — אַדי.
אוניסע'□ — דער. מצ נבֿ. □[□[□)□1□[□ן.
אַגענטור פֿאַר קינדערהילף בײַ די 'פֿאַראייניקטע
פֿעלקער,. [אין 1965 האָט א, באַקומען די
נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר שלום.]
אתיע — די, ־ס. < איי < ל. פֿאַראייניקונג;
פֿאַרבאַנו, פֿאַרבינדונג (געווינלעך וועגן
מלוכות, שטאַטן). פּ ע ר ס אָ נ ע ל ע א, — ווען
פֿאַראייניקט דורך דער פּערזאָן פֿון רעגירער;
ר ע אַ ל ע א, — ווען פֿאַראייניקט דורך
באַשטימטע מלוכה־אָרגאַנען. ,,די גרויסע
פּוילישליטווישע מלוכה וואָס איז געוואָרן פֿאַראייניקט

8()6

אין אַ פּערזענלעכער א, נאָכן שידוך פֿון דעם
ליטווישן פֿירשט יאַגעלאָ מיט דער פּוילישער

קרוין־יורשטע יאַדוויגע (1386)“, זק איבּז,
שד . „נאָך דער לובּלינער א, פֿון 1569 איז
דער גאַנצער געבּיט געוואָרן ענגער פֿאַרבּונדן
מיט דער מלוכה“, ימ איבּז, שד II ו.

אוניפּאָלאַ'ר — אַדי. < איי < ל. 1. (פֿיזיק) וואָס האָט נאָר איין פּאָלוס. א'ע בּאַוועגונג. 2. (אַנאַטאָמיע) וואָס איז פֿאַרבּונדן נאָר מיט איין פּראָצעס. א'ער נערוון־געוועבּ.

אוניפּעטאַ'ל — אַדי. < איי < ל. (בּאָטאַניק) וואָס האָט נאָר איין בּלאַט. א'ע געוויקסן.

אוניפֿאָרמיטאַר יאַניזם — דער. מצ נבּ. 1. (געאָלאָגיע) שיטה וואָס האַלט אַז אַלע געאָלאָגישע דערשײַנונגען זײַנען אַ רעזולטאַט פֿון פּראָצעסן וואָס מע קען אָבּסערווירן און וואָס פֿונקציאָנירן אוניפֿאָרמיש. 2. שיטה וואָס האַלט פֿון איינפֿאָרמישקייט, אוניפֿאָרמישקייט אין אַ צאָל דערשײַנונגען. ־יאַנער.

אוניסאָרמיטעט — די, ־ן. דזוו אוניפֿאָרעמקייט. אוניפֿאָר(ע)מדיקייט.

אוניסאָרמירט — אַדי, פּאַר ← דווו. א'ע
אָפּרעכענונגען. „די מערכה פֿון די ייִדישע
מינדערהייטן אין די לענדער פֿון סאָוועטישן
בלאָק איז אָבער ווײַט נישט א'„, ש. ל.
שנײַדערמאַן, איק, 16 X 1964. ־קייט.

-

אוניסאָרמירן — טרוו. ־מיר, ־פֿאָרמירט. מאַכן
עס זאָל האָבן איין פֿאָרעם; פֿאַראייניהייטלעכן.
א, די ביז איצט פֿאַרשיידענע עקזאַמענס,
אַנקעטעס, בוכפֿירונג אאַזוו. ־ונג — “וואָס
גרינטלעכער...מע קען אַ שפּראַך...אַלץ
ווינציקער רעפֿאָרמיסטיש איז מען געשטימט, און
מע קלערט נישט פֿון ניוועלירונגען, א'ען,
אומפֿורעמונגען“, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 2.
אוניפֿאָר(ע)ם — אַדי. < איי < ל.
איינפֿאָרעמדיק, איינפֿאָרמיק; וואָס האָט שטענדיק
די זעלביקע פֿאָרעם; וואָס איז פֿון איין טיפּ,
וואָס איז אויף איין אופֿן. א'ע קאָלירן. א'ע
טעמפּעראַטור. א'ע מיינונגען. „מיר האָבן זיך
אַפֿילו נאָך ניט געאייניקט אויף אַן אוניפֿאָרמער
אַרט פֿון אויסלייגן ווערטער“, ווינטש II י,

▯ ▯

נ"י 1927. אויך. ־פּאָרמיק. ־פּאָרמיש.

—

.

־פּאָרעמדיק.

אוניפֿאָר(ע)ם — די & דער, ־פֿאָרעמס

(־פֿאָרמען). פּפֿ: ־פּאָרמע (פֿטמ). הלבשה פֿון איין ספּעציעלער פֿאָרעם, שניט און קאָליר, וואָס מע טראָגט לויט אַ פֿאָרגעשריבּענעם אופֿן און וואָס באַצייכנט די צוגעהעריקייט צו אַ באַשטימטן אָפּטייל פֿון מיליטער, צו אַ באַשטימטן פֿאַראיין אָדער אָרדן, צו אַ באַשטימטער פראָפֿעסיע אע. [מע טראָגט אַן א, אָדער שטענדיק אָדער נאָר אין באַשטימטע פֿאַלן.] א, פֿון אַ קאַוואַלעריסט, פֿון אַן אַדמיראַל אאַזוו. א, פֿון אַ פּאָליציסט, פֿײַערלעשער אאַזוו. סטודענטישע(ר), גימנאַזיסטישע(ר) א'. אַן א, פֿון אַ קעלנערין בעת דער אַרבּעט. די שיינע א'עמס בײַם פּאַראַד. „און אַבֿרהמל דער באַהעלפֿער האָט מיך אײַנגעוויקלט, פֿאַרוויקלט אין אַן אַלטן געלן טלית — אונדזער אַלטע א', אונדזער ייִדישער מונדיר„, פֿרוג, 'אַ חדרמעשׂה'. „פֿאַר איר איז געשטאַנען אַ שיינער

אוניקום

יונגערמאַן מיט אַ גאָלד־געשטיקטער א',,,
קמ, 30 1864, No.

□

אוניסאָרעמקייט — די, ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אוניפֿאָרעם. ,,אָפּצוטעמפּן די אידעאָלאָגישע קאָנפֿליקטן אין ייִדישן לעבן און אײַנצושטעלן אַן א'“, ש. מאַרגאָשעס, טאָג, 15 XII 1962. ,,...אײַנצופֿירן מאָנאָליטישקייט און א, אין דער דע□ציאונג“, י. שטיי□בוים, קוד, אַפּריל □963. ־פֿאָרמיקייט ־פֿאָר.
מישקייט. ־פֿאָרעמדיקייט.

□

אוניסיצירן — טרוו. ־ציר, ־פֿיצירט. פּפֿ:

□

~פֿיקירן. < איי < ל. פֿאַראייניקן, פֿאַראיינהייטלעכן, רעדוצירן אַ צאָל סעפּאַראַטע

גרופּעס אין איין געאייניקטן קאָלעקטיוו. א,
די קעמפֿנדיקע גרופּעס אין איין אַרמיי. ,,אָן
ספֿק מוז מען דאַנקען דער נאָך־מײַ־רעגירונג,
וואָס האָט אוניפֿיקירט די געזעץ־געבונג פֿון די
קהילות,,, רעדע פֿון דעפּוטאַט איגנאַצי יעגער,
לבֿובֿ 1932. ־ונג.
אוניפֿיקאַטאָר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. ווער
עס אוניפֿיצירט, דערפֿירט צו אַ פֿאַראייניקונג.
,,נאָר אַזוי אַרום קען דער זשורנאַל ווערן אַ
רעגולירנדיקער צענטער פֿאַר ייִדיש...און אַן א,
פֿונעם ייִדישן שפּראַכבאַנוץ,,, ייִפֿאַ, 1938, 1.
 יש — אַדי.

אוניסיקאַציע — די, ־ס. פּראָצעס אָדער
אַקט פֿון אוניפֿיצירן ←.
אוניק — דער. מצ נבֿ. אויך: איניק, אייניק.
שפּאַסיקע פֿאַרגרעסער־פֿאָרעם פֿון א י י נ י ק ל.
מג. ,,אָט קומט די שנור מיטן א', שוין
איינמאָל אַ יונג'', חנוך האַלפּערן, כּי 'מזרח
גאַליצישע ווערטער'. ,,דער א, (דאָס אייניקל). ער
וועט אונדז נאָך אין קבֿר אַרײַנטרײַבן,,, מ.
בורשטין, מאַזאָוויע.

אוניק — דזוו אָניק(ס) ←.

אוניקאַ'ט — דער, ־ן. < איי < ל. 1. אַלטער, זעלטענער כּתבֿ־יד. 2. אַן איינמאָליק אויסגעאַרבעטער מאָדעל. דאָס בשׂמים־ביקסל איז אַן א'. 3. אוניקום. יחיד־במינו. „ איטלעכער פֿון זיי איז באמת אַ יחיד־במינו, אַן א', וואָס וועט זיו מער נישט איבערחזרן,„ טאָג, 4 .20 IX l959. אָריגינאַל. מאַכן קאָפּיעס און פֿאַרניכטן דעם א'.

אוניקאָרן — דער. מצ נבֿ. < איי < ל. איינהאָרן. לעגענדאַר באַשעפֿעניש, ענלעך צו אַ פֿערד, מיט איין לאַנגן האָרן.

או'ניקום — דער, ־ס. < איי < ל. 1. עפּעס וואָס איז איינציק אין זײַן מין אָדער זשאַנער; אַ יחיד־במינו. די מטבע איז אַן א□. (אויך וועגן אַ מענטשן, גוטמוטיק, שפּאַסיק). ער איז אַן א,. „בײַ אים [איז עס געווען אַ גרוס] — פֿון אַ היים, וואָס איז אײַנגעפֿונדעוועט און טיף־פֿאַרוואָרצלט, אין דעם פּרט איז ער באמת געווען אַן א,“, שנ, שלוס אַש. 2. ספּעצ וועגן אַ כּתבֿ־יד אָדער אַ בוך וואָס איז נאָר איינס אין דער וועלט אָדער איז אויסנעמיק זעלטן. „אַ קליין ביכעלע, וואָס איז איצט אַן א, אין ביבליאָטעק פֿון אָ□ו□קאַ □

אוניווער,

סיטעט□, ימ איבֿז, שד II□. — אַדי.

ספּ רדער

,,אַן א'ער אַגרעגאַט,,, סאָוו, היימלאַנד, 1962, No 2.

אונידט

אונירט — אַדי. פֿאַראייניקט. געניצט געוויינטלעד אין אויסדרוק: א'ע ק י ר כ ן, דה קירכן פֿון מזרח־קריסטן וואָס אָנערקענען די אייבֿערהערשאַפֿט פֿון פּויפּס. ← אוניאַט.

אונליג — ← אומגליק. ,,נימץ וואושט דא וואַר דאַר מער בֿון אירם אונליג וואושׂט זי ניט

.

צו זאָגן. איינר לוף הין דער אַנדר הער“, בבֿא־בוך, 580.

אונמאַס, אונמייס — [אַרויסרייד אומקלאָ□ I

די, ־ן. אַרכ. M□d: □mei□e. פֿאַראַן אויך:

nmas(s)□ו. מוראַשקע. אבֿ, שמות דבֿרים:

,,אונמייס — נמלה“. ,,און, די שטאַלן פֿון זײַן

בעטן זײַן גשטאַנדן אין בעקין מיט וואַשׂר,
...דשׂ דיא און מאסין [אין לק־טעקסט:
נמלים] זעלן ניט בײַא אים קומן“, מהמ, קסב/א.
אונמוט — דזוו אומעט ←. “בעלי זצ„ל...
זאָגט צו מיר בעו“ה, גליקליכן, דוא מוזט אַך
דאַר פֿון וויסין, דען איך האב עשׂ אַן דײַן
און מוט פֿאַר מערקיט„, גה, 183.
אונמוטיק — דזוו אומעטיק ←. „נון איזט
בעלי זצ„ל אַך אין גרושׂי דאגות גיוועזין...
און, גאַר און מוטיג גיוועזין„, גה, 154.
אונמיסטן — דזוו אומיסטן ←. „ער האָט
גערעכנט אַז לאה שיקט זי א, אַוועק כּדי זי
זאָל קענען מיט אים רעדן“, ספּ, גליקלעכע
און אומגליקלעכע.
אונמעכטיק — דזוו אוממאַכט ←. „בבֿא דער
זאַך דשׂ דרוזייאנה וואַר, אין אונמעכטיג וואָלט
ער גלײַך באַלן. ער שפּרך איך מיינט דו
וערשׂט גישטורבן“, בבֿא־בוך, 632.
אונמער — אַדי. אַרכ. Mhd: un—maer(e).
אומליב. אומווערטיק. דערווידער. „הקב„ה
שפּריכט: דוא מענש דײַני מצות זײַן מיר
אונמער אין מײַן אויגן, דר ווײַל דוא זיא טושׂט
מיט אונרעכט געלט“, בראַנט.
אונן — [אוינאָן] נאָמען פֿון יהודהס זון.

בּראשית, לח, 4־10. ← מעשׂה־אונן.

אונן — [אוינען] דער, ־ים. > סנהדרין, מו/ב אאַ. ווער עס טרויערט נאָך אַ נאָענטן קרובֿ, פֿון מאָמענט פֿון טויט בּיז נאָך דער קבֿורה. אַן א, איז נאָר דער וואָס נאָך דער קבֿורה ווערט ער אַן אָבֿל (←.). „א, ווערט אָנגערופֿן דער מענטש בײַ וועמען עס איז געשטאָרבּן אַ נאָענטער קרובֿ, איידער מע האָט אים מקבּר געווען„, זרעיס, כו/א. „און, איין א, מאג עשׂין פֿלייש און, טרינקין ווײַן צו דער רעכט סעודה פּורים און, מאג זיך פֿרייאן,,, □tה, פֿיורדא תּפּ„ז. „אונד אַלי די דא מוזן שבֿעה זיטצן אַזו בּאַלד אַלז דשׂ מת טויט איז הייסן זי (אונן) איז צו זאָגן קלאָגן“, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II, זולצבּאַך תּקנ“א. „דעמאָלט ווען ער איז נאָך אַן א', ד„ה ווען מע האָט נאָך דעם מת ניט בּאַהאַלטן, טאָר ער אַפֿילו אום יום־טובֿ אָדער חול־המועד אויך ניט לייענען“, חא, ווילנע 1863, יט/א. [איבּער זײַן שווערן געמיט און דעם עוסק זײַן זיך מיט דער קבֿורה איז אַן א, פּטור פֿון מצוות עשׂה, פּטור פֿון דאַוונען און לייגן תּפֿילין, פֿון מאַכן אַ בּרכה און בּענטשן אאַזוו. אויבּ ער וויל, מעג ער עס טאָן. אַן א, דאַרף ניט עסן קיין פֿלייש,

ניט טרינקען קיין ווײַן. ער טאָר ניט עסן אין חדר וואו עס געפֿינט זיך דער מת, סײַדן ער מאַכט אַ מחיצה מיט אַ לײַלעך; האָט ער ניט קיין לײַלעך, דאַרף ער זיך אומדרייען צו דער וואַנט.] *עסן ווי אַן א, = מיטן פּנים צו דער וואַנט, ניט קוקנדיק אויף מענטשן; עסן גיך, שטייענדיק. ← אַנינות.

אונס — [אוינעס] דער, ־ים [אוינסי]. < בּבֿא קמא, כח/ב אאַ. 1. צוואַנג, געצוואונגענקייט. אַקט פֿון אַרויפֿצווינגען אויף עמעצן צו טאָן עפּעס וואָס יענער וויל (טאָר) ניט טאָן, אָדער ניט לאָזן טאָן וואָס יענער וויל (איז מחויבֿ צו) טאָן. א, דורך פּײַניקן. א, דורך סטראַשען (מיט טויט אָדער עינויים פֿון טויט). [ס'גילט נישט קיין א, אין געלט־ענינים, פֿאַרמעגן וכּדומה, סײַדן מען איז אין סכּנה פֿון הונגער, טויט] מחמת א, מעג מען עובֿר זײַן אויף אַלע עבֿירות, חוץ עבֿודה־זרה, גילוי עריות און שפֿיכות דמים (סנהדרין, עד/א), אָבער אין צײַטן פֿון רדיפֿות און גזירות דאַרף מען זיך

מוסר נפֿש זײַן אויך איבער דער מינדסטער מצווה (דאָרטן, עד/ב). „יום־כּיפּור אין א, איז ניט מכפּר עוונות“, שוו = יום־כּיפּור איז נישט שייך, נישט גילטיק די טענה א', ווײַל דער טאָג איז מוחל עוונות; דער יצר־הרע איז נישט שולט, בּמילא ווערט יעדע עבֿירה בּאַגאַנגען בּמזיד. „מוט וויליג אַן אַלי א, אַרושׂ צו גין [פֿון שול] איז גאַנץ ניט רעכט„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. “אויב עס וועט זיך אַמאָל מאַכן אַז זיי וועלן זײַן דעם טאָג אין אַן א', וואָס זיי וועלן נישט קאָנען פֿאַסטן זאָלן זיי געבן פֿאַר דעם טאָג יעדער צו חי גדולים צדקה לעניים„, טאַרלער רבּי, סגולות ורפֿואות, [לאָדז, 1910־].

2. דזוו אָנוס ←; געצוואונגענער. בּית־דין משפּט נישט אַן א, און ער איז אויך פּטור מדיני שמים. „האָט קונג קאַראָלוס...פֿרײַאהייט געגעבן אַן אַלע יהודים, עס מאג זײַן רעכט יהודים אודר א'ים“, שאַר, קטז/ב. „א'ים זײַן גזעשׂן אונ, האבּן פֿאַר אינן געהאט מצות ומרורים“, שי, אַמשט 1770. „דער עיקר זינדע פֿון ישׂראל וואַר אין זולכן דור, ווײַלן זיא הנאה פֿון סעודת אַחשורוש העטן אובּ זיא צוואַר גלײַך אַז א'ים וואַרן“, ר, יו־ף דאַרמשטאַדט,

תּורת משה, קאַרלסרוא 1770. ,,אַז די פּרויא מעכט מיינן דז הייסט איין א, דהײַנו בּצווינגן מיט גיוואַלט זו איז ניט אָסור צו אירן מאַן,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. ,,איך בּין אַן א'; דער יצר־הרע איז מיך באַפּאַלן,,, ווערטל. ,,אַז דער יצר־הרע איז אַ תּקיף, בּין איו דאָך דער אמתער א',,, פּרץ, 'אין חדר, שקצים'.

3. טעכט פֿון תּל. שטערונג, מיכשול, עפּעס וואָס מע האָט נישט געקענט פּאָרויסזען. ,,אויב עס האָט דעם בּעל־הבּית געטראָפֿן אַן א, און האָט ניט געקאָנט פּאַרצוימען אָדער אָפּהאַקן....,,, פּיעט, פּלאָים, ז, ז.

אַונס — די, ־עס (־ן). אַמ. Ce▯גIוo: ▯־ <. אונץ.

אונסדאָרףז — גג. ▯ ▯un((l)s(1or▯ :] ▯ .
▯ns(1or▯ וI▯ ee, וneo▯] ▯ alu, ▯n ▯]. אויך: אוצדאָרף[, הונסדאָר▯]. אין רבּנישע ר"ת

און▯ן

או"ד. שטעטל אין סלאָוואַקײַ. עלטסטע ייִדישע קהילה אין קרײַז ציפּס (es▯e] ▯ ▯, ▯s▯]i▯).

זינט 17. י„ה. ייִדן האָבן דאָרטן געהאַט
וואוינרעכט בעת אין גאַנצן קרײַז איז זיי געווען
פֿאַרווערט צו וואוינען. בֿאַרימט מיט אידע
רבֿנים, מחבֿרים פֿון ספֿרים. מאָנאָגראַפֿיע פֿון
דער קהילה 'תּולדות היהודים והרבֿנים
בֿהונסדארף, פֿון יקותיאל יהודה גרינוואַלד, אין
מקורות לקורות י□ראל, בֿרגסס 1934.

אונס רהמנא פטריה — [אוינעס ראַכמאָנאָ
פּאַטריי] זאַץ. תּח. < נדרים, כז/א [דאָרטן: אָנוס].
„אַן אונס (← אונס, בֿ2) בֿאַפֿרײַט גאָט פֿון
שטראָף“. געניצט בײַם פֿאַרענטפֿערן זיך אַז
מע האָט ניט געהאַט קיין בֿרירה און געמוזט
עפֿעס טאָן (אָדער ניט טאָן).

און ענלעכע — קירצונג א״ע, אע. דזוו און
אַנדערע, אָבֿער מיטן אָנווײַז אויף דער
ענלעכקייט מיט דעם וואָס ווערט פֿריִער דערמאָנט,
אויסגערעכנט.

אונעסקאָ — די. מצ נבֿ. o□)□□][□נ□]ו. אויך:
יונעסקאָ. אָרגאַניזאַציע פֿון 'פֿאַראייניקטע
פֿעלקער, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט (העלפֿן) דער
דערציאונג, וויסנשאַפֿט און קולטור. א,
פֿאַרנעמט זיך מיטן קעגנזײַטיקן בֿאַקענען די
פֿעלקער מיט קולטורעלע אייגנשאַפֿטן, טעטיקייטן
און דערגרייכונגען. [האָט אַרויסגעגעבֿן אויף

ענגליש א. סוצקעווערס לידער 'סיביר'.]

אונערגענגלעך — אַדי. אַרכ. אומבאַדינגט, וואָס איז בלי ספֿק. „זוא מיר נון וואול טאָג טון אונ, אונזרין גרוישן הערין וואול דינין, ברענגט ער אונש און ערגענקליך איניז איביגי אויז דער בישוועהרליכי מיא זעליגי וועלט אין אייטיל רויאינג [= רואונג = רו]„, גה, 2.

אונערהערט — דזוו אומדערהערט ←. „וואש פֿאַר איין זעלצימי [= זעלטענע] אונערהערטי קרנקהייט אונ, ביקימירניש מיך איבר פֿאַלין האָט“, גה, 280.

אונערזעצלעך — דזוו אומדערזעצלעך ←.

אונערשיטערלעך — דזוו אומדערשיטערלעך

*

אונפֿאַל — דזוו אומפֿאַל ←. “כדי ער ניקש ביזוש און קיין און פֿאַל אַן זײַני קינדר ארלעבין„, גה, 211.

אונץ — די, ־ן. < אַלט־פֿראַנצייזיש > גר unee. 1. מאָס פֿון וואָג, אַ זעכצנטל פֿון גרעסערן פֿונט, אַ צוועלפֿטל פֿון קלענערן (אַפּטייק־)פֿונט. סתּם קליינע וואָג. „איין א, דש איז צווייא לוט„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. “בײַם געבוירן וערן האָט דאָס קינד געוועגט 8 פֿונט

מיט 6 א'“, רייד. „איין דראַכמ„א איז איין אַכט טייל פֿון איין א, און איין א, איז איין צוועלפֿטל פֿון איין ליטרא אָדער ליבֿרה“, דבֿרי חכמים, [לבֿובֿ? יאָר?]. „צו דעם האבֿ איך איין שינין האַנדיל גיהאט עם אונצין מרגליות„„ גה, 230. „אַן א, מזל איז טײַערער ווי אַ פֿונט גאָלד„„ שוו. „איז דאָס ניט קיין קונץ — וואָס דער קונצנמאַכער האָט ניט ברויט אַן א'?„„ שוו. *אויסגערעכנט אויף אַן א, = זייער פּינקטלעך. [אין מדרשים: אונקיא, געווען אויך (און אַפֿילו צום טייל פֿאַרבליבן, הגם זן) מאָס

אונץ

פֿון פֿליסיקייט. שטאַמט פֿון גריכיש־רוימישער תּקופֿה.] „דאָס ערשטע איז תּיכּף דעם קינד אָדער צו לאָזן און וויפֿל יאָר ער איז אַלט אַזוי פּיל א'ן בלוט זאָלן אָפּרינען“, פּראָפּ, שליינין, מרפּא לעס, זשיטאָמיר 1874. 2. קלייניקייט. „ס'פּעלט בלויז אַן א', די חיה — די זון — זאָל באַווײַזן אַ קונץ„„ סוצ, אין מדבר סיני. 3. קליינע מטבע. באר התּורה פֿאַרטײַטשט 'במאה קשׂיטה, (בראשית, לג, 19): פֿאַר הונדערט א'“ [בראשית רבה: 'במאה

און,, ־

קיות].

אונץ — דער, ־ן. רויבּ־חיה, ענלעך צו אַ
לעמפּערט. ווערט אויך גערופֿן: שניילעמפּערט,
בערגפּאַנטער. (on a) elis uneia.

אונק — די, ־ען. אַרכ. (unk : M)

e1. (גיפֿטיקע) שלאַנג. tבּ פֿאַרטײַטשט 'צפֿעוני',
(ישעיה, יא, 8): א'. לקח טובֿ פֿאַרטײַטשט
'כּמו פּתן חרש, (תּהלים, נח, 8): ,,אַז איין
א, עז אישׂט טיבֿ“. שובֿ: ,,אפֿעה — שם
שרץ נחש: א',.. ,,אויף דיא שפּ[אַ]לט פֿון דער
א, איין אַנטווינט קינד ווערט זײַן הנט הין
שטרעקן,,, סהמ, ישעיה, יא, 8. ,,פֿון דער
וואָרציל דיא שלאַנג גיט אַרויש איין א'“, נצ1,
בּמדבּר, ד/ד (פֿאַרטײַטשט ישעיה, יד, 29). ,,אַן

א, טראָגט נאָך זיבעציק יאָר אַז זי געבאָרן
ווערט“, ר, אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם,
לאַשטשעוו 1817.

2. קראָט, מוילוואָרף [ ]. בּאר משה פֿאַרטײַטשט
'והאנקה, (ויקרא, יא, 30): א'. [תּי ,,
גראָבמויז,,. אנקה ווערט איצט פֿאַרטײַטשט: גרויסע
יאַשטשערקע.] 3. היענע [?]. בּאר משה
פֿאַרטײַטשט 'גי הצבֿעים, (שמואל א, יג, 18): ,,טאָל
דען אונקין,,.

אונקלוס — [או'נקעלעס] נאָמען פֿון דעם
איבערזעצער פֿון חומש אויף אַרמיש און די
איבערזעצונג גופֿא, ת ר ג ו ם א'. די
איבערזעצונג איז אַ סאַנקציאָנירטע פֿון חז,,ל און
כּמעט אַ פֿאַרהייליקטע. עס איז געוואָרן
אײַנגעשטעלט אַז מע דאַרף מעבֿיר זײַן די סדרה
פֿון דער וואָך — פּסוק נאָך פּסוק — צוויי
מאָל דעם טעקסט און איין מאָל תּרגום א,
(,,שנים מקרא ואחד תּרגום,,, בּרכות ח/א).
אַרײַנקוקן אין א'. זען וואָס א, זאָגט, ווי א,
טײַטשט. א, פֿאַרטײַטשט.

תּרגום א, האָט (משמעות זינט דעם 2. י,,ה
אין אָצ) געמאַכט צוטריטלעך דעם חומש פֿאַר
די וואָס האָבן גערעדט אַרמיש און ניט
פֿאַרשטאַנען לשון־קודש. די איבערזעצונג צייבנט

זיך אויס מיט איר פּינקטלעכקייט און געטרײַקייט צום טעקסט. די האַרבֿע און אומפֿאַרשטענדלעכע שטעלן ווערן גאָר קורץ אויפֿגעקלערט. אַלע אַנטראָפּאָמאָרפֿישע אויסדרוקן ווערן אויסגעמיטן. אין די פּאָעטישע שטעלן ווערן גאָר קורץ אַרײַנגעבראַכט

אויסטײַטשונ3()8

גען פֿון די חכמים. פֿאַרן ייִדיש־ריידער איז תּרגום א אַ סך ווייניקער צוטריטלעך ווי דער

,

לשון־קודשער טעקסט. דערפֿון: האַרבֿ ווי (תּרגום) א'; *רעדן תּרגום־לשון = אויף אַן אומפֿאַרשטענדלעכער שפּראַך. אָבֿער פֿאַר לומדים איז תּרגום א, געווען אַ קוואַל בֿעסער צו פֿאַרשטיין דעם פּשט פֿון פּסוק. ,,חדר־ייִנגלעך אין גראָדנע פֿלעגן אויסטײַטשן דאָס וואָרט א, (תּרגום א') — אַלטע ווײַבֿער נייען קליידער, לײַוונטענע, וואָלענע, סאַמעטענע,,, ח. שעסקין, טמז, 22 1962 X.

[א, האָט געלעבֿט אין דער צײַט פֿון רבֿי עקיבֿא, מעגלעך — געווען זײַנער אַ תּלמיד, געווען אַ חבֿר פֿון אַ צאָל תּנאָים. ער זאָל

האָבּן געשטאַמט פֿון גרויסן רוימישן יחוס
(לויט איין טראַדיציע, אַ זון פֿון טיטוסעס
שוועסטער) און ווערט פֿאַררעכנט ווי דער
געטרײַסטער און מוסטערגילטיקער גר וואָס האָט
זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן פֿרומקייט.] א, ווערט
גערויינטלעך אָנגערופֿן א, ה ג ר. „אין דעם
היכל [היכל קדמאה] זײַנען די נשמות פֿון די
פֿאַרצײַטיקע גרים, און דער ראָש איבּער זיי
איז עובֿדיה און א, הגר“, נוצ.

אונראַ — די (געוויינלעך אָן אַרטיקל). A]][נI ו
— פֿון די ערשטע אותיות פֿון דעם פֿולן נאָמען
nite(1]aiOns][ele-
-[an(1]e]ab1a
44 אָרגאַניזירט פֿון [ion A(lministration
פֿעלקער אין נאָוו, 1943, פֿונקציאָנירט 1945 —
1947 ווי אַ הילף־אָרגאַניזאַציע אין דער
באַפֿרײַטער אייראָפּע (צום טייל אויך אַזיע).
געגעבּן וויכטיקע הילף אויך פֿאַר ייִדישע פּליטים.]
הילף פֿון א'. אַ פּעקל פֿון א'.

אונש אַזוי ווערט אָפּט אויסגעלייגט אונדז

(←.) אין אַלטער ליטרש. למשל: „דשׂ האבּ
איך גיזעהן זעלכי בּיזי מנהגים די אונטר אונשׂ

זײַנן אין אונזרי קהילות,,, לט1.
אונשליט — דאָס. מצ נבֿ. אַרכ. un־slit : ◻ ◻ M.
אבֿ אין שמות דבֿרים: ,,אונשליט — חלבֿ,,.
אוסאַדבֿע — [ווייכע ד] די, ־ס. רוסיצ.
פֿריציש הויז אין דאָרף (מיט שטאַלן, שײַערן, אויך מיט אַ סאָד, גאָרטן). ,,אויבֿ עס איז דאַ נעבֿן דער א, אַ ליידיק שטיקל ערד, וואָלט אַלעמאָל געווען נוצלעך צו מאַכן אויף אים כאָטש אַ קליינעם סעדל,,, מ. ווערלער, ווי מען פֿלאַנצט א סאָד, ווילנע 1900. ,,דעריבֿער טאַקע איז ער...געבֿליבֿן אַרבֿעטן ווי אַ גערטנער אויף דער צענטראַלער א',,, ג. פֿרידמאַן, בֿירעבֿידזשאַן (זבֿ), מאָסקווע 1936.
אוסאָווערשענסטווען (זיך) — טרוו &
אוטוו. ־סטווע (זיך), (זיך) אוסאָווערשענסטוועט.
רוסיצ   פֿארפֿולקומען (זיך). א, די
אויסאַר.   —
בעטונג פֿון אַ פּראָדוקט. זיך א, אין רוסיש.
אוסאַטע — אַדי. סל. < אוק, רוס. וואָס האָט גרויסע (לאַנגע) וואָנצעס. א, קאָזאַקן אין פּאַפּאַכעס. דער א'ר קאָטער.
אוסאַ'טש — דער, ־עס. רוסיצ. מאַן מיט גרויסע וואָנצעס. ,,זי האָט ליבֿ דעם א',,.
אוס◻ ◻העקער. מין זשוק מיט זייער גרויסע

, — דער, ־עס. פּפֿ: אוסאַטש. אויך:
האָ
וואָנצעס וואָס זײַנען לענגער פֿון זײַן גוף.

אוססאַנאָווען

געהערט צו די משחיתים.
א'עס פּלאָדיען זיך
אונטער דער קאָרע פֿון ביימער.
אַז זיי וואַקסן אונטער, עסן
זיי אויס די שטאַמען. מע
טרעפֿט די א'עס אויך אין
הילצערנע הײַזער. ס'איז
זייער שווער פֿון זיי פּטור
צו ווערן. מע באַמיט זיך זיי אויסצורויכערן.
מאָדערנער מיטל קעגן זיי — העקסאָכלאָראַן.
.(eramb ci(lae
אוסאַ'ק — דער, ־עס. 1. דזוו אושאַק, ב4.
,,דער שפּין...האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם
א, פֿון פֿענצטער,,, בילדער פֿון טהיער לעבען
[איבז], ווילנע 1898. 2. > וור. לאַקל (
ביאַליסטאָק און אומג,). קורצער קיכמעסער מיט
אַ טעמפּן שפּיץ.
אוסוואָיען — טרוו. ־וואָיע, אוסוואָיעט. סל.

< אוק, רוס. 1. צונעמען, צואייגענען פֿרעמדס.
2. באַנעמען פֿאַרשטיין. שווער צו א, וואָס ער
'
רעדט. מיט ז י ך — ווערן אַן אייגענער. „ער
איז געקומען פֿון דער פֿרעמד און האָט זיך
גוט אוסוואָיעט אין אונדזער משפּחה,,, רייד.
אוסוראַ — די, ־ס □ שפּאַ. הויכער פּראָצענט.
לעבּן פֿון א'. אוסורעראַ, דער —
פּראָצענטניק. „אַן א, וואָס רײַסט די הויט פֿון
לעבּעדיקע און פֿון טויטע,,, רייד (אַרגענטינע).
אוסטאַ'וו — דער, ־ן. < רוס. אויך:
אוסטאַווע, די, ־ס. < פּויל. סטאַטוט(ן), סכום
תּקנות וואָס שטעלן אײַן די סטרוקטור, צילן
און טעטיקייט פֿון אַן אָרגאַניזאַציע,
מיליטעראָדער רעגירונג־אָפּטייל. [אין פּנקס ליטא,
תּקנות ועד, שפּ״ז: ויכתבֿ אוסטא״וו מהסקרבֿ...]
„אין אַ פֿרעמדער חבֿרה גייט מען ניט מיט
קיין אייגענעם א'“, ש וו [פֿון רוסישן שוו:
„קריך ניט אין אַ פֿרעמדן מאָנאַסטיר מיט דײַן
א'□]. „האָט דער מיניסטער אונטערגעשריבּן דעם
א, פֿון דער אָבּשטשעסטווע,,, קמ, 38 1863, No.
„די גענעראַל־פֿאַרזאַמלונג קען אויך פֿאָרשטעלן
דער רעגירונג מאַנכעס צו ענדערן אין א, אָדער
גאָר די חבֿרה אויפֿצולייזן,,, צעד. „סאָלדאַטן

דאַרפֿן ניט קיין בּיכער!...און די א'ן קענט איר?„ בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.

אוסטאָי, — דער, ־ען (־עס). רוסיצ. סאַוו. 1. יסוד, גרונט־הנחה. „אָננעמען די א'ען פֿון דער נײַער געזעלשאַפֿט". 2. אָנשפּאַר, פֿונדאַמענט, אַרקע פֿאַר אַ בּריק. "די בּריק איז לאַנג...און שטייט אויף צען שטיינערנע בּיקעס (סטאָלבּעס) און צוויי א'עס (אַרקעס)„.

אוסטאָי'טשיווע — אַדי. רוסיצ. פֿעסט, סטאַבּיל, שטאַנדהאַפֿטיק, אויסגעהאַלטן. אַן א'ר מענטש. „ער איז ניט א', זײַן בּרכה האָט ניט געהאָלפֿן", קמ, 32 1868, No.

אוסטאַנאָווע — די, ־ס. < אוק. אין סאָוו ייִדיש פֿון אוקראַאינע. אַנשטאַלט, אינסטיטוציע. "ער האָט זיך אוקראַאיניזירט און אַרבּעט אין אַ קיִעווער א'„.

אוסטאַנאָוען — טרוו ־נאָווע, אוסטאַנאָוועט. סל. < אוק. < רוס. אײַנשטעלן, בּאַשטימען, אײַנפֿירן. פֿעסטשטעלן. א, די פּרײַזן. א, נײַע פֿירונגען.

אוסטאַנאָווקע

אוסטאַנאָווקע — די, ־ס. סל. < אוק, רוס.

סאָוו. אײַנשטעל, ריכטונג; דירעקטיוו. „די
א, פֿון די פּאַרטייאישע אָרגאַנען איז אויספֿילן
דעם פֿינפֿיאָר־פּלאַן אין פֿיר יאָר„.
אוסטאָפּיעט ווערן — אוטוו, פּאַס. ווער
אוסטאָפּיעט, בין אוסטאָפּיעט געוואָרן.: <
[oBni'r וoci פּאָד פֿאַרשטאַרט ווערן,
פּרי.
טשמעליעט ווערן, מבֿולבּל ווערן. „אַלע
זענען א, געוואָרן און איך בין ממש
פֿאַרשטיינערט געוואָרן אויפֿן אָרט„, ייִל. „[ער] איז
אויף אַ רגע א, געוואָרן. זײַן האַרץ האָט
געקלאַפּט ווי אַ האַמער„, פּ. רודאָי, טמז, 24 1965 I.
אוסטאָפּיען — טרוו ־פּיע, אוסטאָפּיעט. זן.
.
פריטשמעליען, פּלעפֿן; ברענגען עמעצן אין
צושטאַנד פֿון דערשטוינונג און שרעק. ״ער
האָט אים אוסטאָפּיעט מיט דער שרעקלעכער
ידיעה„.
אוסטאַ'ש — דער, ־ן (־עס). < סערביש.
אַ באַטייליקטער אין נאַציאָנאַליסטישן
אויפֿשטאַנד קעגן היטלערן, בעת דער צווייטער
וועלט־מלחמה [אונטער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל
דראַזשע מיכײַלאָוויטש]. „די א'עס זײַנען
געווען ניט קיין קלענערע ייִדן־מערדער ווי די

פּאָליאַקן“, אליעזר ווײַזעל, פּאַר, 27 IX 1964.
אוסטולאַציע — די, ־ס. < איי < ל. (
אַפּטייקערײַ) דאָס טריקענען פֿײַכטע שטאָפֿן כּדי צו
מאַכן פֿון זיי אַ פּולווערל, אַ פּראָשיק. ווערבֿ
— אוסטולירן.
אוסטופּיעט ווערן, אוסטופּיען — דזוו
אוסטאָפּיעט ווערן, אוסטאָפּיען. אויך:
אוסטופּ□עט ווערן.
אוסטופּען — אוטוו. ־פּע, אוסטופּעט. סל.
< אוק, רוס. 1. נאָכגעבֿן, אָפּטרעטן, אָפּזאָגן
זיך פֿון עפּעס (מיטן גוטן ווילן לטובֿת עמעצן).
„ער האָט אים [דאַטיוו] אָפּט אוסטופּעט, אַפֿילו
מער אוסטופּעט ווי יענער האָט פֿאַרלאַנגט“.
2. אַראָפּלאָזן, נאָכלאָזן פֿון פּרײַז. „ס'איז צו
טײַער, איר מוזט מיר א',,.
אוסטופּקע — די, ־ס. סל. < רוס. 1. הנחה
בײַם פֿאַרקויפֿן. „קונים געניסן אַ
פֿאַרהעלטנישמעסיקע א'“, קמ, 2 .18 1869, No.
קאָנצעסיע.
גיין אויף א'ס. “בעת דער מלחמה איז די
סאָוועטן־מאַכט געגאַנגען אויף א'ס דעם מערבֿ“,
רייד, סאָוו.
אוסטיו'ק — דער, ־עס (־ן). < מאָלדעוואַניש □
בעס, רומ, דרום־רוסלאַנד. שטעכיק וואָנצעלע

(האָר) אויף אַ ברויט־זאַנג. „צעשטאָכן זיך מיט
אַן א, ביז בלוט“.
קע, ￼ ￼
— די￼ל.קע. (שוסטערײַ) שטיקל
אוסטיל ־ס. < אוק. אויך:
סטילשטשי
לײַוונט, לעדער, וואָס מע לייגט אַרײַן
אינעווייניק אין שוכוואַרג, אונטערן טראָט. „דאָס
צושנײַדן, צופּאַסן און צוקלאַפּן די א, צום
קאַפּול און דערנאָך דאָס אַרומנייען די זאַגאָטאָווקע
מיטן אָל און מיט דראַטווע צו דער א',„
ש. דמשׂק, אין יענע יאָרן.
אוסטראָיסטווע — די, ־ס. רוסיצ.
אײַנאָרדענונג. קאָנסטרוקציע, אויפֿבויאונג. די א, פֿון
בנין. „די א, פֿון דער שטאָט וואָלט גיכער
געפּאַסט, זי זאָל זײַן אַ שכנה...מיט אַנדערע

קויטיקע פוילישע שטעטלעך“, ארז, קמ, 1870,
.No 3
אוסטראָיען — טרוו. ־ראָיע, אוסטראָיעט. סל.
< רוס. 1. אײַנשטעלן, אויפֿשטעלן;
אָרגאַניזירן, ברענגען אין אָרדענונג. א, די נײַע
דירה. א, אַ וואַרשטאַט. א, דאָס לעבן אויף
נײַע יסודות. 2. אײַנאָרדענען אַן

אונטערנעמונג. א, אַן אָוונט פֿאַר אַ שרײַבער. א אַ

,

-

קבלת־פּנים. 3. אײַנאָרדענען עמעצן, העלפֿן
עפּעס קריגן. א, דעם יתום אין אַ קינדערהיים.
א, דעם קרובֿ אויף אַ נײַער שטעל. „אוי,
גאָספּאָדין אינספּעקטער, געזונט זאָלט איר זײַן...
אפֿשר קען מען א, מײַן קינד אין אַ פּריִװט?„,
פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זענען מיר. 4. פּלאַנעווען
עפּעס פֿאַר אָדער קעגן עמעצן. „לאָמיר
טשאַטעווען אויף עמעצנס בלוט, לאָמיר אַן ערנצטן
עפּעס א'„, מט, משלי, תּקע"ד, א, 11.
אוסטראָיען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אײַנאָרדענען זיך. זיך גוט א, אין אַ נײַער דירה.
א, זיך צו שלאָפֿן, צו אַרבעטן אאַזוו. „די
מעגלעכקייט ווי עס באַדאַרף צו זײַן א, זיך און
די ערד באַאַרבעטן", ייִפֿאָל, 1886, No 17.
2. געפֿינען באַשעפֿטיקונג. א, זיך בײַ אַ שנײַדער.
„יעדער מענטש וואָס איז ניט פֿויל, וויל
אָרנטלעך האָרעווען...קען זיך שטענדיק א'", ספּ,
חיים יענטעס, באַרדיטשעוו 1892. 3. זיך

באַזעצן (אויף אַ נײַ אָרט) און זיך אײַנאָרדענען.
„יאָ, האָט זי קוקנדיק אַהין, שטיל און זיכער
איבערגעחזרט: 'מע קען זיך דאָ א'“, בערג,
אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט. “זײַן פֿאָטער איז
פֿאַראָרעמט געוואָרן און די קינדער...האָבן זיך
אַלע דאָ אוסטראָיעט“, אב. קאהאַן איבז, ל.
טאָלסטאָי, קרײַצער סאָנאַטאַ, נ„י 1911.
או'סטריצע — די, ־ס. < רוס. דזוו
אויסטער. „אָט למשל האָט איר דאָך געמוזט זען
די א'ס, וואָס מע ברענגט אַהער מיט דעם
ים גאַנצע זעק“, קמ, 1864, No 13.
אוסטרעך — דער. מצ נב. < פּויל (< דײַטש).
ראַנד, ברעג פֿון אַ כּלי פֿול ווי אַן א'. ביזן א'.
—
אוסטרעמלײַען זיך — אוטוו. ־לײַע זיך,
זיך אוסטרעמלײַעט. רוסיצ. שטרעבן; זיך אַ
לאָז טאָן מיט אימפּעט עפּעס צו דערגרייכן.
א, זיך צו ווערן דער ערשטער אין קלאַס.
אוסי, — זוו. (קלעזמער־לשון) דזוו פֿאַראַן,
ס'איז דאָ [בײַ אונז יודן, וואַרשע 1923].
אוס אַטין — ← הוסיאַטין.

אוסינאָווליאַיען — טרוו. ־ליאַיע,
אוסינאָווליאַיעט. רוסיצ. געזעצלעך פֿאָרמעל, אָננעמען

,

פַאר אַן אייגן קינד. אַדאָפּטירן. „וויל ער מיך צונעמען פַאר אַ זון (א', אַדאָפּטירן) און די פִירמע זאָל הייסן 'מאיר נאַטהאַנזאָן עט זאָהן‘‘, קמ, 21 1864, No.

אוסישקע — די. מצ נבֿ. a□]ש□]e□ : □ ־.

איַינטריקעניש. דאָס פַאַרמינערן זיך פֿון וואָג פֿון אַ סחורה איבער דעם וואָס זי טריקנט איַין אָדער וועפּט זיך אַ ביסל אויס. „ועט דער סקלאַדציק זאָגן דעם שענקער אַז ער נעמט ביַי אים אַראָפּ אַ פּראָצענט אויף א',„ ייִל, ספֿר הזכרונות II, קיִעוו l882.

אוסלאָוויע — די, ־ס. סל. < רוס. 1. תּנאַי,

אוסמעשקע

באַדינג. „די א, וואָס ער האָט מיט אים געמאַכט,„ קמ, 27 1867, No. „עס איז דאָ אויף אַ בויגן פּאַפּיר די א, מיט די אָטמעטקעס, אָבער דער פּלאַן מיט די איבעריקע דאָקומענטן זיַינען ניטאָ‘‘, מ. אחון, צוויי שוויגער, ווילנע תּר‘‘ס. 2. אָפּמאַך, קאָנטראַקט. מאַכן אַן א'. קריגן אַן א'. „אַן א, האָט איר געמאַכט?...מיט וועמען [האָבּ] איך עס געדאַרפֿט מאַכן א'ס?

...צי קען מען שוין אויפֿן וואָרט ניט גלייבן?
אָרנטלעכע לײַט דאַרפֿן קיין א'ס ניט", פּ. ה.
מאַלײַ, אין דער פּינסטערניש, אַדעס 1898.
3. אומשטאַנד, מצבֿ. „בײַ די קריסטלעכע
שוסטער זײַנען די א'ס ביז די לעצטע צײַט געווען
נאָך ערגער", דער אידישער אַרבײַטער, ווילנע
1896. „בײַ די יעצטיקע א'ס איז אוממעגלעך
עפּעס פֿאַרדינען„, בריוו.
אוסלאָוונע — אַדי. < רוס. וואָס איז מיט
אַ תּנאַי, באַדינג. צוזאָגן א'. אַן א'ר צוזאָג.
פֿאַרמשפּטן א, = דער פּסק־דין זאָל
דורכגעפֿירט ווערן ניט גלײַך, נאָר אָפּהענגיק פֿון
ווײַטערדיקן אויפֿפֿירן זיך פֿון צוגעמשפּטן.
אוסלאָוועץ זיך — קזוו. ־לאָווע זיך, זיך
אוסלאָוועט. סל. < רוס. אָפּריידן לויט
באַשטימטע תּנאָים, אָפּמאַכן צווישן זיך. א, זיך טרעפֿן
אין אַ געוויסער שעה.
אוסלוגע — די, ־ס. רוסיצ. טובֿה,
געפֿעליקייט; דאָס צודינען. איך טו דיר די א, בכּבֿוד
גדול.
אוסלוגעווען — אוטוו. ־געווע, אוסלוגעוועט.
רוסיצ. דזוו אוסלוזשען.
אוסלוזשען — אוטוו. ־זשע, אוסלוזשעט. סל.
< פּויל, אוק, רוס. 1. צודינען. א, דעם

נאַטשאַלניק, דער פּריצטע. 2. טאָן אַ טובֿה,
העלפֿן אין עפּעס. „נישקשה, איך וועל דיר
אַמאָל א'".

אוסליד — אַדוו. < אוק. טריט נאָך טריט,
נאָך די סליאַדן נאָך. זיך יאָגן נאָך עמעצן
א'. בּרענען עמעצן די טריט, אים נאָכגיין א'.

אוסמאָטרעניע — די. מצ נבֿ. רוסיצ. 1.
אײַנזעעניש; דעה, מיינונג. „טוט מיט אים ווי
איר פֿאַרשטייט, ס'איז אויף אײַער א'". 2. דאָס
אויפֿפּאַסן. איבערלאָזן דאָס קינד אויף דעם
זיידנס א'.

אוסמירען — דזוו אוסמערען.

אוסמעיען — אוטוו. ־מעיע, אוסמעיעט. רוסיצ.
דערוועגן זיך, האָבן חוצפּה פֿערד־גנבֿים האָבן
. „
ניט אוסמעיעט צו קומען לאַטכענען אין אַ
שטאַל, וואו איך בּין דער שומר", י. טיגער,
דער צדיק און דער בּעל־תּש ובֿה.

אוסמעכײַען זיך — אוטוו. ־כײַע זיך, זיך
־כײַעט. סל. < רוס. שמייכלען, אויך מיט
בּיטערניש, זיך פֿאַרקרימענדיק. „דער אָרעמאַן
קומט נאָך אַ נדבֿה און דער נגיד אוסמעכײַעט
זיך אין די וואָנצעס„, רייד.

אוסמערען — טרוו. ־מערע, אוסמערעט. סל.

אוקר. באַרואיקן, אײַנשטילן. א, די קינדער, זיי זאָלן זיצן שטיל.

אוסמעשקע — די, ־ס. רומיצ. שמייכל, געלעכטערל, ביטול. „דער נאַרישער ליגן האָט נאָר אַרויסגערופֿן אַן א',,, רייד.

אוסנעאַ

אוסנעאַ — די, ־ס. (באָטאַניק) געוויקס פֿון
מין פֿלעכט־ג ראָז ן,
מיט דינעם אָבער
פֿעסטן שטענגל; וואַקסט
אין מילדן קלימאַט;
ווערט קולטיווירט אין
טייל געגנטן
לענגאויס אײַזנבאַן־ליניעס
כדי צו באַפֿעסטיקן
דעם באָדן. snea ‎]ו.

אוסעמקע — די, ־ס. < פּויל. 1. אַכטל. גיי קויפֿן אַן א, טיי. 2. קינד, געבוירן אין אַכטן חודש שוואַנגערשאַפֿט. „אַן א, לעבט ניט,,. 3. אַרבעט פֿליכט צו פּוצן פֿערד אין

דער פּוילישער קאַוואַלעריע [אַן אַרבעט וואָס

די זעלנערס האָבן פֿײַנט געהאַט. בײַם פּוצן
אַ פֿערד, לויט די מיליטערישע תּקנות, קומט
אויס צו פֿירן די באַרשט איבערן פֿערד אין
פֿאָרעם פֿון אַן 8 [ער האָט באַקומען די
א', שטייט ער אין שטאַל און פּוצט די פֿערד,,.
האָבן, מאַכן אַן א, = זיך דרייען אין פֿאָרעם
פֿון אַן 8, ווען אַ ראָד אין אַ ראָוער ווערט
לויז.
אַוסענטע — צוזאַמען מיט ז יַ ן. שפּאַ. ←
אַבסענטי', אַבסענטירן. ,,פּונקט ווען מע דאַרף
אים צו דער אָפּשטימונג איז ער א'", רייד
(אַרגענטינע).
או'סעניצע — די, ־ס. < אוק. דזוו הוסעניצע,
גוסעניצע. רויפּ(ע). אויך: א, פֿון אַ טראַקטאָר,
טאַנק.
אוספּאָקאָיען — טרוו. ־קאָיע, אוספּאָקאָיעט.
< פּויל, רוס, וור. 1. באַרואיקן, אײַנשטילן.
א, דאָס געוויסן. מע דאַרף אים א, ווי אַ קליין
קינד. 2. פֿאַרקלענערען אָנשטרענגונג,
לינדערן ווייטיק. א, דעם ווייטיק מיט אַן
אײַנשפּריצונג. 3. אײַנבּרעכן, מאַכן הכנעהדיק.
,,א אַ קאָזאַק הייסט מאַכן אים אויס קאָזאַק".

מיט ז י ך — ,,האָבן זיך אוספּאָקאָיעט אויף

אַזעלכע פּערעמענעס, נאָר ווײַל זיי טראָגן אויף זיך אַן איירעפּעאישן שלייער", קמ, 1869, No 17.

אוספּייען — אוטוו. ־פּייע, אוספּייעט. פּפ:

אוספּ◌ען. [ווערט אויסגעלייגט אויך: אוספּעיען◌] > וור, אוק, רוס. 1. האָבן גענוג צײַט עפּעס צו טאָן, דורכצופֿירן. א, (צו) קומען צו דער צײַט. א, אָפּצוטאָן די גאַנצע אַרבעט. א, דורכצופֿירן אַ שליחות. א, פֿאַרן טויט אָנצושרײַבן אַ צוואָה. „איך האָב נאָך אוספּעיעט אַרומצוקוקן אַלע ווינקעלעך", פּל. „איך זאָל נאָך אוספּעיען זיך פֿונדאַנען צו באַפֿרײַען, ווי וואויל וועט דאָס מיר זײַן און גיט", בײַ אונז יודן, וואַרשע 1923. „ער האָט זיך אַזוי געכאַפּט, אַז ער האַט ניט אוספּייעט אָפּרייניקן די בלאָטע פֿון בגד", ממוס, שטורעמצײַט. „אײַל זיך ניט אַזוי מײַן קינד, מיר וועלן נאָך א, אָניאָגן אויף שבת זײַן אין בערלין", ש. א. הרשקוביץ, די אוגערקע, בניברק, א"י. „די אומגליקלעכע וואָס האָבן ניט אוספּייעט צו אַנטלויפֿן פֿריִער זײַנען דערשטיקט געוואָרן פֿון רויך", איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג, No 4. *ניט

א, זיך אַרומצוקוקן = געשען גיך, אויף אַן
אופֿן וואָס צעטומלט. „ווי אַ וואָלף צווישן שאָף
האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט די הונגעריקע כאָלערע.
זי האָט געריסן, געפֿרעסן גאָר אָן רחמנות,
נאָך איידער מע האָט אוספּייעט זיך
אַרומצוקוקן„, ממוס, טאַקסע. 2. באַווײַזן אויפֿצוטאָן
אַ סך. איך האָב הײַנט אַ סך אוספּייעט. „
איידער נאָך איך האָב אוספּייעט אַ נאָז
אויסצושנײַצן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר ייִדן
און באַלעבעסלעך, דער מיט אַ שלום־עליכם,
יענער מיט אַ קוק אין בײַדל“, ממוס,
קליינמענטשעלע. „וואָלט מיר אין יעדער קהילה,
געהאַט ר, דודלעך אַ האַלבן מנין, וואָלטן
אַלצדינג מיר אוספּעיעט“, ילג, ◻ יחת־חולין,
וואַרשע 1889.
3. מיט נ י ט. קוים האָבן צײַט (ווען אין
דעם זעלביקן מאָמענט טרעפֿט זיך שוין עפּעס
אומגעריכטס). „מיר האָבן ניט אוספּייעט
אַרײַנלויפֿן אין הויז, האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ
מבול„, רייד. „ועסט ניט אוספּייען אַרויסזאָגן
אַ וואָרט, וועט ער איבערהאַקן, אַז ער ווייסט
צוליב וואָס דו ביסט געקומען„, רייד. „אליהו

האָט ניט אוספּייעט אויסריידן אַהאַ, יענער איז
שוין דאָ‟, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. 4.
האָבן צײַט, געלעגנהייט עפּעס צו טאָן. „איך וועל
דערקלערן די ווערטער אויף אַזוי פֿיל אויף
וויפֿל איך האָב אַליין אוספּייעט זיך צו
באַקענען מיט דער שפּראַכע‟, ספּ, נליקלעכע און
אומגליקלעכע. 5. פּראָגרעסירן, אויפֿטאָן אין
לערנען. מאַכן פֿאָרשריט. בײַ אים אין קלאַס
א, די תּלמידים אַ סך מער איידער בײַ דעם
אַנדערן לערער. „מײַן לערנייִנגל האָט אַ סך
אוספּייעט אין איין יאָר„, רייד. „וואָס ישׂראליקל
האָט מער אוספּיִעט הן אין לערנען הן אין
מענטשלעכקייט, איז ער נאַכער מער
פֿאַרטראַכט געוואָרן‟, ט. קאַמינסקי, אַ ביאָגראַפֿיע
פֿון אַ י‎▯ראל־קלען, קיִעוו 1913. 6. סל.
דערגרייכן, מצליח זײַן. „די אָרעמע כּלה האָט
גוט אוספּייעט: גענומען אַ רײַכן חתן‟, רייד.
„מאָלאָדיעץ, פּייסקע, דו האָסט אוספּייעט,
שטאַרק אוספּייעט, אויף אונדזערע קינדער
געזאָגט געוואָרן‟, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו
.1940
אוספּע'ך — דער, ־ן. אויך: אוספּעכע,
אוספּיעך. סל. < רוס. 1. אויפֿטו,
דערפֿאָלג. זיך באַרימען מיטן אייגענעם א'. האָבן

א, בײַ מענער. „מע קען שוין מיט זיי מאַכן
א'ן ווי מיט אַן אונטערגעשאָסענע קליאַטשע„,
ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע.
2. פֿאָרשריט, פּראָגרעס, אָנערקענונג,
אויסצייכענונג. גוטע א'ן אין די קלאַסן. אַן א,
אין בּריקען די פּילקע. ״דעם מסדר־קדושין
האָט געקאָרטעט צו דערציילן דעם א'״, קמ,
36 No, l868. ״אין צוויי יאָר האַט ער געמאַכט
אַ גרויסן א',,, ש. בּעקערמאַן, די שלימזלניצע,
אַדעס 1887.
אוספּעשנע — אַדי. סל. < רוס. וואָס איז
מיט הצלחה, דערפֿאָלג. אַן א'ע המצאה.
געענדיקט א, די גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.
אוסקאַפּען — אוטוו. ־פּֿע, אוסקאַפּעט.: □ □ . <
□ק[□ a se. זיך אַרויסראַטעווען, זיך

אַרויסאופּאָר

דרייען, אָפּציִען, זיך אַרויסגליטשן.
אָנטרינען. „ער האָט אוסקאַפּעט פֿון אַן אומגליק„,
ש. בּיקל.
אוסקאָרען — טרוו. ־רע, אוסקאָרעט. רוסיצ.
פֿאַרשנעלערן (פֿאַרגיכערן), צואײַלן. א, דעם
פּראָצעס פֿון קאָלעקטיוויזאַציע, דעם סוף פֿון

דער טיראַנישער מאַכט.

אוסקו'ט — זוו. א״י (אַלטער ישובֿ). >

אַראַבּיש — □sku□־. אויסרוף־וואָרנונג קעגן איינעם וואָס האָט אַ גרויס מויל. בּ: שטיל! נעם אײַן אַ שטומעניש! געניצט געווײנלעך: א, יאַ, מיט אַ צוגאָבּ פֿון נאָך אַ בּזיונדיק וואָרט אין אַראַבּיש אָדער אין העבּרעאיש, ווי: „א, יאַ כמאַר, שטיל, דו אייזל!„ [קאָס, דיסערטאַציע].

אוסרר — [או־עס־ער־ער] די. סאָוו. קירצונג: אוקראַאינער סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובּליק.

אופּאַ — (קינדער־לשון) אויף די הענט; אין (אויף) דער הייך. אויפֿהייבּן, נעמען, טראָגן אויף די הענט. ״—־. ווילסט א'? קום, איך וועל דיך נעמען א'״, רייד.

אופּאַדעווען — אוטוו. ־דעווע, אופּאַדעוועט.

□]□al□נ□na□: □.. וור. האָבּן אַראָפּפּאַל פּאַר עמעצן, זײַן הכנעהדיק, זיך מיִען נושׂא חן צו זײַן. א, פֿאַרן פּריץ.

אופּאָלנאָמאָטשענער — דער. מצ ־טשענע. רוסיצ. בּאַפֿולמעכטיקטער. „זיי האָבּן קיין רעכט ניט אויפֿצוטרעטן ווי א'טשענע, קיינער האָט קיין רעכט זיי צו געבּן אַזאַ פֿאָלמאַכט„, ייִפֿאָל, 24 1881 XII.

אופּאַנישאַ'ד — די, ־ן (געוויינלעך אין מצ).
< איי < סאַנסקריט. זאַמלונג פֿאַרהייליקטע
שריפֿטן בײַ די הינדוס; שפּעטערער טייל פֿון
די וועדאַס. ,,איבערגעזעצט אויף העבֿרעאיש
פֿון דעם אָריגינאַל אין סאַנסקריט, אויסצוגן
פֿון די א'ן,,, ציינו, טמז, 1957 I □ l4.

אופּאַסבוים — דער, ~בּיימער. (באָטאַניק)
בּוים פֿון די מזרח־
אינדישע אינדזלען;
באַרימט מיט דעם
מילכווײַסן זאַפֿט וואָס מע
ציט אַרויס פֿון זײַן
שטאַם [פֿון דעם זאַפֿט
מאַכן די אָרטיקע
אײַנוואוינערס אַ גיפֿט צו
באַשמירן זייערע פֿײַלן.
דער סם גופֿא הייסט
אופּאַס]. ־as an □ [□] ו
a □ □ ca □ □ כO □ s □ □ a □ □ An .s □ ar □ □ .

אופּאָ'ר — דער, ־ן. רוסיצ. סאָוו. 1. אָנשפּאַר,
אָנלען. ,,איר, די איבערגעגעבענע אַרבעטער,
איר זײַט דער א, פֿון קאָלעקטיוו,,. 2. עקשנות,
עקשן. אַן א, ווי אַן אָקס. ־נע — אַדי.

אײַנגעשפּאַרטע(ר); קאַרג. „ער ווייס אָבער דאָס אַן א'נער גבֿיר איז ווי אַ געשוויר, עס איז אים גאָרניט צוצוטרעפֿן און מע קען אים אויך ניט איבערשפּאַרן“, צבֿי ני□ו גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

אופּאָריטש

אופּאָריטש — אַדוו. סל. □י□y□]no□: □ □ < האַנט בײַ האַנט; צוגעדריקט איינער צום צווייטן. זיצן א, אין בּויד (אין וואָגן).

אופּאָרניק — דער, ־עס. < רוס. (בּינע־סטאָליערײַ) לײַסט, אײַזן, שטאַבּע אונטערצושפּאַרן, אונטערצופֿעסטיקן. „איצט וועל איך שוין מאַכן א'עס און מיר וועלן האָבּן אַזאַ בּאַלײַכטונג, אַז מע וועט זײַן איבּערראַשט„, כּ“י, ל. סעגאַל, 'וועגן ווילנער געטאָ־טעאַטער'.

אופּאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך, זיך אופּאָרעט. □e□]זa□]□yno: □ □ <. זיך ספּראַווען, פֿאַרטיק ווערן מיט (אַן) אַרבּעט. „ערשט שפּעט אין אָוונט האָט זי זיך אופּאָרעט מיט דער אַרבּעט אין קיך„. „פֿריִער וועל איך מיך א', ווי גאָט האָט געבּאָטן, מיט דעם שלח־

מנותטראָגן“, געגנאַרטע וועלט, 1815? ,,עס איז פֿאַר
אײנעם אַ ייִנגערן צו שווער זיך א', מכּל
שכּן אַ ייִד...אין די יאָרן,,, צעד. ,,איך האָב
זיך שוין אופּאָרעט אַ בּיסעלע אין פֿעלד;
מ'מוז זיך נעמען צו שטובּאַרבּעט“, האָפֿ,
'וואַלד־געזאַנג'. ,,געשטאַנען בּײַ די סטאָיקעס,
געפּאַקט, גענומען געלט — זיך ניט געקענט
א, מיט אַזוי פֿיל קונים,,, פּ. רודאָי, טמז,
16 II 1958. (אויך אָן ז י ך: ,,און דאָ איז
ער גאָרניט אין שטאַנד אַליין צו א', ער
זאָל אַפֿילו זײַן מיט טויזנט קעפּ“, ייִל,
פּוילישע ייִנגל).

אופּו'סט — דער, ־ן (־עס). < אוק. של(י)וז צו
קאָנטראָלירן די וואַסערן פֿון אַ טײַך,
דערעיקר בּײַ אַ מיל. “ער איז געבּליבּן שטיין
אין מיטן דער לאַנגער גריבּלדיקער בּריק בּײַם
א',,, בּערג, 'אין אײנעם אַ זומער'.

אופּיטעוועט — אַדי. סל. אָנגעשטאָפּט, פֿעט,
אויסגעפּאַשעט. אַן א'ער יונג פֿון אַ רײַך הויז.

אופּיטעוועו — טרוו. ־טעווע, אופּיטעוועט.
פּילנעוועו, געבּן אַ סך צו(ם) עסן. א, אַ שוואַך
קינד.

אופּילנעוועו — טרוו. ־נעווע, אופּילנעוועט.
< פּויל, אוק. אויסהיטן, אָפּהיטן פֿון סכּנות.

אויספּילנעווען (←). א, עמעצן ווי אַ ברעקל קינד. אויך מיט ז י ך.

אופּילע(ווע)ן — טרוו. ־לע(ווע), אופּילע(ווע)ט. < אוק. פּילען, פּילעווען, געבן אַ סך צו(ם) עסן. א, אַ שוואַך קינד.

אופּיסטע — די, ־ס. < אוק. דזוו אופּוסט.

אופּי'ר — [האַרטע(ר) & קורצע(ר) י] דער, ־ן. < אוק, רוס. וואַמפּיר, וואָלקעלאַק. בלוטזייגער, בייזער גײַסט. זייגט אויס דאָס בלוט ווי אַן א'. „בעלי־טאַקסעס, כאַפּערס...אַזעלכע א'ן„, ייִל, ניט טויט, ניט לעבעדיק, ווילנע תּרנ"ח. „דאָ גייט אַן א, שוין צוויי יאַר אום. ערשט צוויי וואָכן אַז ער האָט דעם סטעלמאַך פֿאַרדרייט", אבֿג, דעקטוך, וואַרשע 1876.

אופּי'ר(ע) — דער, ־(ע)ס. ← דפֿוו. עקשן, אײַנגעשפּאַרטער, ווילדער יונג. „איז דאָס אַן א„ מע קען בײַ אים ניט פּועלן„.

אופּלאַוועס — די. במ. רוסיצ. אויך: אָפּלאַוועס. פֿלוס. שליים־אויסשיידונג. „די ' אָפּלאַוועס,...בײַ אײַער פֿרוי איז משמעות אויפֿן

באָדן פֿון בלוט־אָרעמקייט", פֿגעז, ווילנע 1929,

No 15.

אופּראַוודאָם — דער, ־ען. סאַוו. קירצונג: אופּראַוולי‏אַיושטשי דאָמאָם = הויז־פֿאַרוואַלטער. ,,ער איז אַן א', אַ פֿאַרוואַלטער פֿון אַ נאַציאָנאַליזירטן הויז,,, טראָצקי, טאָג, 1958 ‏29 I.

אוסראַוויטעל — [ווייכע ל] דער, ־עס. ווג ־ניצע, ־ס. רוסיז פֿאַרוואַלטער, אָנפֿירער. א, .

פֿון אַ געשעפֿט, זאַוואָד אע. ,,אַן א, אין גלאַוונעם קאַנטאָר‘‘, גאָר, די באָרד, זשיטאָמיר 1868.

אופּראַוולי‏אַיושטשע — דער, ־ס. רוסיז. דזוו אופּראַוויטעל. ‘‘ער האָט געהייסן אַרײַנשיקן דעם א, פֿון דעם האָטעל‘‘, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,וואָס איר וועט נאָר דאַרפֿן זאָלט איר בעטן בײַ מײַן א'‘‘, גבֿי,,ר מווילנא [גבֿריאל ראַוויטש], ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865.

אופּראַוולי‏אַיען — אוטוו & טרוו. ־ליאַיע, אופּראַוולי‏אַיעט. רוסיז. אָנפֿירן פֿאַרוואַלטן.
,
ער אופּראַוולי‏אַיעט מיט דער פֿאַבריק (אויך: די פֿאַבריק). א, מיטן טראַקטאָר.

אופּראַוול(י)ענעץ — דער, ־נצעס. סאָוו. מיטגליד פֿון אופּראַוולעניע (פֿאַרוואַלטונג), אָפּט איר: ביוראָקראַט.

אופּראַוולעניע — די, ־ס. רוסיצ.
פֿאַרוואַלטונג, אַדמיניסטראַציע (געוויינטלעך וועגן אָפֿיציעלן אַמט). די א, פֿון אונדזער שטאָט. „עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו זען ווי די נײַע אָבשטשעסטווענע א, זאָרגט פֿאַר דער שטאָט“, קמ, 1864,
No 30. „גענומען די א, פֿון דעם גאַנצן האָספּיטאַל„, י. בודזאָהן, דאָס חנוכּה ליכטעל, ווילנע 1895.
אופּראַווע — די, ־ס. < רוס. 1.
פֿאַרוואַלטונג. אַנשטאַלט אין צאַרישן רוסלאַנד וואָס האָט פֿאַרוואַלט די אַדמיניסטראַטיווע ענינים פֿון שטאַנדן און פֿון ייִדישן קהל. „כ'האָב אין א, מחותּנים און האָב אַ גראַף אַ קאָמאַנדיר“, ש פֿרוג III, נ״י 1910. 2. שטאָט־

פֿאַרוואַל

-

.
טונג, געקירצט פֿון: 'גאָראָדסקאָיע א'". „ער האָט די קראָם געדונגען בײַ דער א', צו ווען זי געהערט“, אַר, 'די געשיכטע פֿון אַ קראָם'. „אָט איז די א'. עס קלײַבן זיך שוין

די שטאָט־בעלי־בתּים, די גרויסע פּאַרשוין,,,
פּרוג III, 'דער יריד'. ,,לאָזט מען...אים זיך
ניט שטעלן אויף דעם מאַרק, וואו ער צאָלט
ניט איין פּאַר די שטאָט־א, דעם באַשטימטן
שטייער,,, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע,
וואַרשע 6)19l.

מעשטשאַנסקע א, — פּאַרוואַלט ענינים פּון
מעשטשאַנעס, שטאָטישע איינוואוינערס וואָס
זיינען ניט קיין פּריצים און ניט קיין סוחרים.
,,געוואָרן דער כּתרילעווקער מ, א'־שרייַבּער
און נאָכדעם סעקרעטאַר,,, שע. קופּעטשעסקע
א, — פּאַרוואַלט ענינים פּון סוחרים. “...און
בּעט די ק, א, צו מאַכן אַן אויסצוג פּון דער
אויבּן־אָנגעוויזענער פּאָלאָזשעניע,,, קמ, 1864,
No 27. רעמעסלענע א, — פּאַרוואַלט ענינים
פּון בּעלי־מלאָכות. ,,אין די שטעט וואו עס
עקזיסטירט ר, א, דאַרף יעדער אַרבּעטער...“,
די Iכּירות, לעמבּערג 1896.

אופּראַוועו — טרוו. ־ווע, אופּראַוועט. סל.

-

אופֿן

אַרויספּראַוועו, אַוועקשיקן. ,,גאַנץ פּרי האָט די

מאַמע געזען צו א, מײַן ייִנגערע שוועסטער
נעכען פֿון שטוב,,, ה. אַקערמאַן, טמז, 6 1958 IX.
אוסראַוועץ — דער, ־ווצעס. סל. < רוס.
באַאַמטער פֿון אופּראַווע.
אופּראַזש — דער, ־ן (זן). אויך: אופּריאַזש.
< וור, אוק, רוס. געשפּאַן פֿון אַ פֿערד.
,,צו פֿאַרקויפֿן...אַ פּאָר ברוינע פֿערד מיט א',,,
קמ, 14 1863, No. ,,זיי פֿאָרן זיך אַמאָל אַרויס
שפּאַצירן מיט זייער פּריץ, הייבן פֿיסלעך און
שטאָלצירן מיט זייער שיינעם א'“, ממוס,
קליאַטשע.
אוף — אויסרופֿוואָרס. 1. דריקט אויס
פֿאַרמאַטערטקייט, אַזוי ווי א ו ף. ,,א, — סאַפּעט
אָפּ די צווייטע [נשמה]“, פּרץ, 'צום עולם
התוהו'. 2. ווערט געניצט בײַם אָנשטרענגען
זיך צו שטופּן אָדער אויפֿצוהייבן אַ שווערע
זאַך. ,,א', א'! עס רירט זיך פֿון אָרט!,,, רייד.
3. דריקט אויס צופֿרידנקייט נאָכן פֿאַרענדיקן
טאָן אַ שווערע זאַך, נאָך אַן אָנשטרענגונג
מיט גוטע רעזולטאַטן. ,,א', האָב איך אים
אַוועקגעלייגט אויף ביידע לאָפּעטקעס,,, רייד.
אופֿי'ר — דער, ־ן. לאָקל, האָמלע און אומג..
דזוו אַפֿיר, אַפֿאָר. די שורה וואָס דער לערער,
דער 'שרײַבער', שרײַבט אַרײַן אין העפֿט פֿון

תּלמיד(קע) אָדער אויף אַ באַזונדערן בויגן און מע דאַרף נאָכשרײַבן — בײַם לערנען שרײַבן.

אופֿיר — [אויפֿיר] גנ. 1. נאָמען פֿון אַ לאַנד, דערמאָנט אַ צאָל מאָל אין תּנך, וואָס שלמה המלך האָט פֿון דאָרטן געבראַכט גאָלד, זילבער, טײַערע שטיינער, סאַנדאַל־האָלץ, עלפֿנביין, מאַלפּעס און פּאַווען (מלכים א, י, 11). גאָלד פֿון א, איז געווען סינאָנימיש מיט ריין גאָלד, פֿײַן גאָלד. [לויט איין סבֿרה איז א, געווען אין אינדיע, לויט אַ צווייטער אין אַפֿריקע (תּרגום אונקלוס), לויט אַ דריטער אויפֿן אַראַבישן האַלבאינדזל, לויט אַ פֿערטער אין דער נײַער וועלט, אין פּערו (איבער דער קלאַנגיקער ענלעכקייט).] „אונ, דיא מיינונג פֿון פֿיל שרײַבערשׂ איז דשׂ א, איז נאָווי שפּאַניא“, שאַר. „פֿון מצרים ווײַסע שטיינער, פֿון לאַנד א, גאָלד און גרודעס“, יהואָש, ,אויפֿן טורעם,. 2. אַ מין ערגעץ־לאַנד, פֿול מיט עשירות. אַן אוטאָפּיש לאַנד. „איך האָב געזען דעם פּאַלאַץ שלמהס אין געדאַנק...און מלכּה שבֿא געזען, און א'ס גאָלד־געשאַנק“, אַר 'די יִדישע מוזיק'.

אוסירן — אַדי. נעאָל. < אופֿיר. וואָס קומט
פֿון אופֿיר; וואָס איז פֿון (אָדער ווי) גאָלד.
,,פֿייגל גינגאָלדענע בלישטשען און פּראַנגען;
עס סאַפּען א'ענע עקדישן, שלאַנגען“, פּרץ,
,כּסא שלמה'.

אוסן — [אויפֿן] דער, ־ים [אויפֿאַנים]. < אָבֿות
דר, נתן, רות רבה, ילקוט שמעוני; רשי,
ויקרא, יג, 55 [אין יידיש איז דער באַטייט
און באַנוץ שטאַרק אויסגעברייטערט. פֿון תּח
אַריבער צו אַלע שיכטן. געהערט צום ערשטן
הונדערט אָפּטסטע העברעאיזמען].
1. אַרט, שטייגער, מאַניר, פֿאָרעם. אויף
אַזאַ א,; אויף אַן אַנדער א'. אויף אַ גוטן

אופֿנאַל

(ריכטיקן פֿאַלשן, שלעכטן אאַזוו) א'. וואָס
,

איז דאָס פֿאַר אַן א, טאָן? קוק זיך צו צו
מײַן א, טאָן. זיך פֿירן אויף אַ שיינעם א'.
פֿירן די באַלעבאַטישקייט אויף אַ שיינעם א'.
דורכפֿירן אַ שׂמחה אויף אַ בכּבֿודיקן א'.
,,יאָסעלע האָט ניט אויפֿגעהערט צו זינגען,
מאַכן קונצן מיטן האַלדז, צעגיסנדיק זיך אויף
טויזנטערליי א'ים ווי דאָס שפּילפֿייגעלע,,, שע,
יאָסעלע סאָלאָוויי. ,,...געגלייבט אויף אַ מאָדנעם
פֿרײַען א, אין השגחה פּרטית", בערג, ,יוסף
שור'. ,,אויף געבן תּיכּף [צדקה] האָט ער
דאָך קיין שליטה ניט, אויפֿן גוטן א, זאָגט
ער אָפּ פֿאַרן שטאַרבן,,, פלאי, המדבר בצדקה,
וואַרשע תּרנ,,ב.

2. דרך, וועג, מיטל, מאָדוס. גוטער (
גרינגער, שטרענגער, פּינקטלעכער אאַזוו) א'. צו
באטראכטן עפּעס אויף אַן אַנדער א, פֿירן
- __
.
געשעפֿטן אויף אַ סאָלידן א,. אויף וואָסער
א, רעכנסטו דאָס אָנצוהייבן? *האַלטן אויף אַן
א, = אויף אַ דרך, דה עס גייט שוין גוט,

מע וועט אַפּנים קענען דערגרייכן, דורכקומען.
דער מסחר (די אונטערהאַנדלונגען) האַלטן שוין
אויף אַן א'. ,,(כּי לא זאת) דען ניט אין דען
א, אונ, אין דען דרך האב איך אײַך געבן דיא

מנוחה,,, סהמ, מיכה, ב, 10, פּראָג תּנ״ב.
,,מענטשן וואָס טוען זיך אײַנרעדן דאָס בּזמן הזה איז גאָר קיין א, געלט צו פֿאַרדינען אָן ליגנט רעדן״, ר, יצחק האַמבּורגער איבּז, פֿלא יועץ, ווילנע 1898. ,,און אויף אַזאַ א', הודות להגבֿיר והסוסים, האָט קהל געקריגן אַ רבֿ״, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,...וועגן דעם גאָלדענעם געדאַנק אַרויסצושיקן סאָלאָמאָנען פֿון דאָרף אויף אַזאַ קלוגן א',,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,[די כּוונה] וואָס מע האָט [די נשמה] אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם...קען זיך אין דעם א, פֿון התבּודדות ניט אויספֿירן״, לדבּ, קלז. ,,דער חזן האַלט 'והאופֿנים, [← אופֿן II, בּ3] און דאָ רעדט די 'חיות הקודש, [ווש] פֿון אַלע א'ים האַנדל גאַנץ הויך,,, אַ. מרגליות, קמ, 50 1867, No.

3. שיטה, סיסטעם, גאַנג, סדר. פּלאַן. ״דער א, פֿון זײַן הסבּרה איז אויסגעצייכנט, די שווערסטע סוגיות ווערן קלאָר און פֿאַרשטענדלעך״, רייד. ״אין אָדם איז די הרכּבֿה פֿון גוף ונפֿש גאָר אויף אַן אַנדער א, לגמרי. דער חומר וצורה זענען אין אַ מלחמה תּמידית״, לדבּ, צד. ,,אין תּשובֿה זענען פֿאַראַן זמנים שונים און א'ים שונים״, פּוקח עורים, נ״י תּ״ש.

4. תּנאַי, באַדינג פֿאַל. אומשטאַנד. מסכּים

.

זײַן נאָר אויף אַזאַ און אַזאַ א'. „איך וועל עס אויף קיין א, ניט דערלאָזן!“, רייד. אויף קיין א, ניט, אויף קיין פֿאַל ניט. *אין אַן אָרעמען א, = לויטן פּיר פֿון אַן אָרעם לעבן; אָרעם. אין אַן אָרעמען א, איז דאָס אויך אַ שׂמחה. די חתונה איז געווען אויף אַן אָרעמען א'. *אין אַ גוטן א, אָפּצודינען (אָפּצודאַנקען, אָפּצוגעבן) = פֿאָרעם פֿון באַדאנקען פֿאַר הילף בּ אַ קראַנקייט אָדער

י

-

אַן אַנדער צרה. דה מע וועט אָפּדינען, אָפּצאָלן אע, אָבער דער וואָס האָט אַ טובֿה געטאָן וועט זײַן אין אַ גוטן א', אין גוטע לעבנסבאַדינגונגען. „אַ מלכות האָט אים געגעבן

געלט, אַז ער זאָל אויסגעבן אין זעלכע א'ים פֿון הוצאות ווי ער האָט אים באַפֿוילן“,

חה, ח״ 〈〉.
5. געשטאַלט, צורה. ס'האָט גאָר קיין א, ניט. „איך קען ניט דײַן פּנים פֿאַרמײַדן, / אַוואו נאָר איך קער זיך און ווענד, / עס ווינקט מיר אויף טויזנט א'ים / פֿון טירן און פֿענצטער און ווענט“, יהואָש, בלומען און דערנער.
6. מיין, באַטײַט, טײַטש. איז דאָס דער ריכטיקער א'? „די אורים ותּומים — דורך זיי האָט מען געוואוסט קלאָר איטלעכע זאַך נאָך איר א',„ מלרה, מ/ב. ״עס איז שבֿעים פּנים לתּורה,...איז דערויף מרמז דאָס וואָרט 'ויכלו', דאָס באַטרעפֿט זיבעציק א'ים פֿון א דער תּורה“, נוצ II. [ויכלו בגמטריא 72!]
7. מאָדוס פֿון ווערב. באַשטימטער א, (איך א שרײַב...), אומבאַשטימטער א, (שרײַבן), באַפֿעל־א, (שרײַב!), תּנאַי־א, (וואָלט געשריבן), ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. ← בשום אופֿו א (ניט, ואופֿן), באין אופֿן, בשום ענין ואופֿן, בשום פּנים ואופֿן.
אופֿנאַל — [ווייכע ל] דער, ־עס. < פּויל. דזוו אוכנאַל (←), הופֿנאַל.
אופֿן־(ה)עבֿודה — [אויפֿן־(האָ)אַוואוידאָ] דער. אופֿני־(ה)עבֿודה [אויפֿאַניי־...]. אופֿן, שטייגער פֿון דינען דעם השם־יתבּרך, גאָט. „ער זאָל

טאָן מצוות מיט אַ טיפֿן געפֿיל און דענקען א
דערבײַ אַז דורך אַזאַ א״ע, וועט ער אומקערן
די נשמה למקורה", מאמר יום־כיפּור, נ"י תּ„ש.
„איצטער איז די צײַט צו דערציילן די פּרטי
אופֿני־העבֿודה פֿון יענעם ראָש־השנה„„ לדבֿ,
קמד. א
-

אוסנוע — [אָפֿנוע] די, ־ס. אין ייִדיש פֿון ישׂראל. מאָטאָציקל. „קויפֿן אַ נײַע א', אַפֿילו ווען מע קען ניט רײַטן אויף איר", רייד.

אופֿני(י)ם — [אָפֿנאַיִ] די. בּמ. אין ייִדיש פֿון ישׂראל. ראָווער, וועלאָסיפּעד פֿאָררעדל.

-

,

אוסנים — [אויפֿאַני] די. מצ. אופֿן — אצ, א
זן. 1. רעדער אין יחזקאל הנבֿיאס מיסטישער
זעאונג פֿון דער מרכּבֿה, (יחזקאל, א, 15 א„וו). א
"די א'ים פֿון דער מרכּבֿה לויבֿן דײַן כּבֿוד",
מחזור לימים נוראים, סלאַוויטע 1832, קח/א.
"אַלע הימלען אין חיות הקודש און די א'ים

ציטערן אַלע און עפֿענען זייער מויל מיט
געזאַנג״, קה, ווילנע תרל״ה, לבֿ/ב. אויך אין
-
סמיכות — אופֿני הקודש — ״רעדער פֿון
2. פמליא מלאָכים און יעדער איי א
נער פֿון
הייליקייט״, „מלאָכים פֿון הייליקייט״, ← בּ2.

זיי [לויטן רמבּם זײַנען די א'ים נידעריקער
ווי סתּם מלאָכים, אָבער העכער ווי די חיות
א
הקודש]. ״מלאָכים װעלן [דעם צדיק]
אויפֿבּרענגען און די אופֿני־הקודש וועלן אים
אַרומרינגלען״, נ. נ. הנובֿר (האנאָווער), ספֿר שערי
ציון, זשיטאָמיר תּר״ט. ״ווען זוא איין תּפֿילה
אַרויף קומט, איין א, דער שטים אויף מאות
חיות גדולות, דער היישׂט רחמיאל,...נעמט די
תּפֿילה מיט דמעות,„ נצ1, א/ב. „איין א, צו
דעם אַנדערן, און איין כּרובֿ צו דעם אַנדערן
...אַלע מלאָכים שטעלן זיך פֿאַר דעם כּסא־ א
הכּבֿוד מתפּלל צו זײַן פֿאַר די ישׂראל,„ מלרה,
לג/א. „שׂרפֿים וא'ים זענען זיך צעפֿלויגן אין

אדצר

אַלע זיבּן הימל מיט אַ זמר,,, פּרץ, אַ שמועס'.

,

,,איבּער שׂרפים, א'ים און הייליקע חיות...,,,
צײַט, מטטרון. ,,און ווי יחזקאל זען וויזיאָנען
איז מיר שווער פֿון שׂרפים און א'ים הער

,

איך קיין געווימל,,, אַר, 'צו מײַן פֿאָלק'.

3. מצ. נאָמען פֿון די פּיוטים וואָס מע זאָגט יום־טובֿ צו שחרית בײַ די בּרכות 'יוצר אור', אין דער תּפֿילה 'והאופֿנים וחיות הקודש';

אצ. איטלעכער פּיוט באַזונדער. ,,דר נוך יוצרות און, א'ים, הפֿטרות און בּרכות...'', הקדמה צו מנהגים...דורך דאז גאַנץ יאַר, ווענעדיק ש''ן [ווענעציע 1590, מהרי''לס מנהגים אין יִדיש].

4. (גנבֿים־שפּראַך) מיִ. סתּם ראָד. אַווע יI.

וסן־ישן — גנ. אָפֿען. דער עלטסטער טייל פֿון בּודאַפּעשט, וואו יִדן האָבּן געלעבּט.

-

וסען — אוטוו. אופֿע, געאופֿעט. סל. < פּויל. גלייבן, געטרויען, זיך פֿאַרלאָזן. מע טאָר איר נישט א, פֿונדאַנען בּיז אַהער.

▯

וסער — דער? ־ן. דטשמ. נר. אורח

פֿאַרטײַטשט ,▯tפֿת הים, (בּראשית, כב, 17): ,,א',

און 'גדותיו'" (יהושע, יג, 15): ,,זײַנע א'ן".

שווב פֿאַרטײַטשט אַזוי 'שׂפֿה, און ,גדה'. אַזוי

אויך מלל. ראָש מלון מפֿתּח, זשיטאָמיר 1872,

פֿאַרטײַטשט אַזוי 'חף'. ,,אַם א, דעס ימעס"

— חוזק־ווערטל אין ליטע וועגן די וואָס ווילן

רעדן דײַטש אַנשטאָט ייִדיש.

ופֿערלעך מיט פּופֿערלעך — פֿראַזע.

לאָקל (קאָלאָמיי). 1. שפּאַסיק וועגן דרויבּ

פֿון אַ הינדל. 2. דזוו קײַ און שפּײַ. געניצט

ווען מע איז ניט זאַט נאָך אַן עסן. ,,דאָס איז

גאָרנישט, דאָס איז א, מיט פֿ'", רייד.

▯

וסק — [אויפֿעק] דער. מצ נבּ. < אמונה רבּה

(ראָב,,ד). הימלראַנד, האָריזאָנט. ,,גיי, גיב אַ
קוק אויפֿן א, וואו האַלטן מיר בײַ שקיעה“.
,,און אַז דער צדיק האָט דערגרייכט דעם א,,
האָט ער דאָרט געוואַרט ביז צו דער שקיעה“,
ספּורי נפֿלאות.
וציאָ'ק — אויך: אוטש(י)אָק. דזוו אוטיאָק
(←). ,,ויבֿרח יעקבֿ — מאַכט רשי: זראָביל א'“.
וציטל — דער, ־טעלעס. פֿטמ. < רוס.
לערער פֿון רוסיש אָדער אויף רוסיש; לערער
אין אַ רוסישער מלוכה־שול. ,,קוקט ווי זיי
גיבן אָפּ ערע זייערן אַן א'...און דעריבער
האָבן טאַקע זײַנע שילער פֿאַר אים אָפּשיַ,,,
מ, ז, ח, [א. ח. ווײַנער], די קלוגע מציאה,
ווילנע 1876.
וצין — דער, ־עס. < וור. אויך: אָצין.
אָפּגעהאַקט שטיקל האָלץ; שײַטל; שפּענדל. לייגן
אין אויוון די א'עס.
וצן — טרוו. אוץ, געאוצט. מיִ. en□□ו: Mhd.
אַ ביסל אָפּלאַכן, שטעכעלירן. רייצן. ,,דו שרײַבשׂ
...גלײַך דו...פֿיל מאָל גישריבן העשׂט און
קיין תּשובֿה האשׂט ער הלטן...דו קאָנסט אונז
ניט אוצין“, י. מאָרשן, חנוך לנער, פֿיורדא
1774. ,,זאָ ווערד מער אינס חדר געאוצט“,
טענדלאַו, 769 = אַזוי ווערט מען אָפּגענאַרט

אין לעבֿן. אויך: אוצען, הויצען.
וצר — [אויצער] דער, ־ות [אויצרעס]. < תּנך, אַ צאָל מאָל [אין ייִדיש איז דער באַטײַט אויסגעברייטערט. געהערט צום צווייטן הונדערט

או▯ך

אָפּטסטע העבֿרעאיזמען]. 1. גרויס פֿאַרמעגן אין פֿאָרעם פֿון גאָלד, זילבער, טײַערע שטיינער אע. אַן א, מיט אבֿנים טובֿות ומרגליות. „ווען איך וואָלט געהאַט דעם מלכס א'ות מיט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן...„, פֿל. „דעם מלכס א, וועט פֿאַר דעם ניט קלעקן„ פֿוול. אָנקלײַבן

,

אַן א'. ווײַזן דעם גאַנצן א'. „צעהן מאָל זײַן דיא א'ות אויז דעם בית המקדש אונ, ירושלים גיפּירט גוארן„, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בית יםtראל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. „האָט צוגענומען די א'ות פֿון גאָטס הויז און די א'ות פֿון מלכס הויז“, תּי, מלכים א, יד, 26. *האָבן אַן א, אין מויל = איר. האָבן אַ צאָל גאָלדענע ציין.
2. גרויסער סכום געלט אָדער גאָלד אע, באַהאַלטן אין אַ כּלי, קעסטל, קאַסטן אע, באַגראָבן אונטער דער ערד, אין אָדער אונטער

פֿונדאַמענט פֿון אַ בנין, צי גאָר אין אַ וויסט אָרט, אין אַ הייל, אין אַ וואַלד, אויפֿן דעק פֿון ים אאַזוו. באַגראָבן, זוכן, געפֿינען אַן א.. מעשׂיות מיט (וועגן) אַן א, וואָס אַן אָרעמאַן האָט געפֿונען. מאַזעפּעס א'. א'ות פֿון (ים)־רויבערס. פּלוצעם רײַך געוואָרן, ווי ער וואָלט געפֿונען אַן א'. „איך זאָל געפֿינען עפּעס אַן א'„, שע, ייִדישע קינדער. „אַז דו וועסט זי אַרומזוכן אַזוי ווי געלט, איר נאָכנישטערן אַזוי ווי נאָך אַן א'„, מס, משלי תּקע„ד, ב, 4. "אַמאָל, דערציילט מען, פֿלעגט אליהו הנבֿיא אָנווײַזן וואו ס'ליגט אַן א'„, לאַט, דאָס יודישע קינד. „ווען גאָט גיט אַזוי אַז איך זאָל אויפֿאַקערן אַן א', וואָלט איך...פּטור געוואָרן פֿון צו זײַן אַ פּויער", ← אויפֿאַקערן, ב2.
[פֿאַראַן אַ שלל מעשׂיות, לעגענדעס און גלייבענישן בשײַכות מיט אַן א'. זען פּרצעס 'דער אוצר'.. אַ פֿלעמל וואָס שפּרינגט אַרום אין פֿעלד אָדער וואַלד איז אַן א אָדער פֿירט

,

צו אַן א'; ווען מע כאַפּט עס אָדער מע פֿאַרדעקט עס מיט עפּעס, האָט מען דעם א'. ווען מע זעט אַ ביסל אַ גרעסער פֿײַערל, ווי אַ סימן פֿון אַן א', אַרײַנוואַרפֿן אַהין אַ

פֿאַנטאָפֿל אָדער אַ שוך. שרעטעלעך זײַנען
היטערס פֿון א'ות, און אַז מע כאַפּט אַראָפּ פֿון
אַ שרעטעלע דאָס היטל, וועט ער בּרענגען
אַן א', אא.] „ערגעץ טיף, אין דער ערד
אײַנגעקנאָטענע, וואַרטן א'ות אויף אונדז, וואַרטן
א'ות פֿאַרשאָטענע“, הל, 'ערגעץ ווײַט'. קללה:
„אַן א, זוכט מען אין דער ערד — האָט
מען יענעם אויפֿן אָרט פֿון א'“, בּימקאָ, גנבֿים.
3. אײַנזאַמלונג פֿון ווערטפֿולס פֿון טײַערס

,

וואָס געפֿינט זיך אויפֿן הימל און וואָס פֿון
דעם איז דער רבּונו־של־עולם מזכּה דעם
גאָטספֿאָרכטיקן, דעם מענטשן בּכלל. „גאָט וועט
דיר עפֿענען זײַן גוטן א', דעם הימל, צו
געבּן דעם רעגן פֿון דײַן לאַנד“, תּי, דבֿרים,
כה, 12. „זינט דער בּית־המקדש איז חרובֿ
געוואָרן פֿאַלן ניט די רעגנס פֿון א, טובֿ“ (לויט

,

בּבֿא בּתרא, כה/ב) = זיי קומען ניט שטענדיק
אין דער ריכטיקער צײַט. „מכון איז דער
נאָמען פֿון איינעם פֿון די זיבּן הימלען, וואו
עס זײַנען פֿאַראַן די א'ות פֿון שניי און פֿון
האָגל„. „געדענק אונדז צו גוטן אויף אונדזער
ווייניק צדקה, און אומזונסט זאָלסטו מיט אונדז

פֿון צדקה“, מלרה, יג/ב. „אויף אַ שטוב בויען
און אַ קינד אויסגעבן איז דאָ בײַ גאָט אַ
באַזונדער א,„, שוו. איר — „גאָט האָט אַן
א, מיט צרות און פֿאַרטיילט איטלעכן נאָכן
פֿאַרדינסט“, שוו. „איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט
אַז בײַם רבונו־של־עולם אין א, זענען
אויסגעלייגט די נשמות, ווי די סחורה בײַ מײַן
מאַמען אין געוועלבל“, פּרץ, 'וואָס הייסט
„נשמה“'.

4 פֿאַרשלאָסן אָרט וואָס ווערט געהיט און

.

וואו עס זײַנען באַהאַלטן גאָלד, טײַערע
שטיינער און טײַערע זאַכן בכלל. שאַצקאַמער און
דאָס וואָס געפֿינט זיך אין אים. היטן ווי אַן
א'. באַוואָפֿנטע זעלנערס שטייען בײַ דעם מלכס
א'. זיך אַרײַנקריגן אין פֿאַרשלאָסענעם א,.
אַרויסגנבֿענען פֿון א,. ער האַלט זי פֿאַרשלאָסן
ווי אַן א'. „דער וואָס ער איז אַ ממונה
איבער די א'ות, ער איז דווקא אַ תּם, וואָרן
אַ חכם וויל מען ניט מאַכן פֿאַר קיין ממונה

איבער די א'ות“, נחבֿ, 'מעשׂה בחכם ותּם'.
אַ טאָג פֿון מלכס א, = זייער אַ שיינער,
.

זוניקער טאָג.
5. (סכום) ווערטפֿולע מינעראַלן, מעטאַלן אָדער יעדער אַנדער מין פֿון דעם נאַטירלעכן ווײַכטום פֿון אַ לאַנד, הן וואָס ווערט אויסגעניצט, הן דאָס נאָך ניט־אויסגעניצטע אָדער אַפֿילו נאָך ניט אַנטדעקטע. אַנטדעקן,

אויסגראָבן א'ות. „איך בין זיכער אַז מע וועט נאָך געפֿינען גענוג א'ות אין נגבֿ“, רייד.
די א'ות פֿון ים־המלח. אַן אומדערשעפּלעכער א, פֿון נאַפֿט. דער א, פֿון לאַנד — דאָס שוואַרצע גאָלד, שטיינקוילן. „מע יאָגט זיך איצט נאָך אַ נײַעם א', נאָך אוראַניום„. פֿיג.
„בין איך אַרויס צו אײַך פֿאַרצוימטע א'ות
,
דאָרשט“, האָפֿ, 'דאָרשט'.
6. עשירות, רײַכטום בכלל. ראָטשילדס א'ות. אַ גבֿיר אַדיר מיט גאַנצע א'ות, מיט וועלדער און פֿעלדער. פֿאַרתּכלעווען אַן א'. *באַגראָבן אַן א, — אויך. פֿאַרתּכלעווען פֿאַרשפּילן,

בּאַגראָבן אַן א, אין אַ שלעכט געשעפֿט פֿאַר.
דינען, מאַכן אַן א'. „דיא יהודים זײנן צו דען קינג איין גוטר (אוצר) אונ, דוא ווילשׂט מאַכן דשׂ ער זיא פֿר לירן זאַל“, שאַר. „אַ גלוסטיקער א, און אייל איז אין דער וואוינונג פֿון חכם“, תּ׳, משלי, כא, 20. „ אומגערעכטע א'ות נוצן ניט, אָבער גערעכטיקייט איז מציל פֿון טויט„, תּ׳, משלי, י, 2. „די א'ות אָן צאָל ניט האָבן קיין ווערט, ס'וועט קומען אַמאָל אַ טאָג אויף דער ערד...„, אַר, ,ס'וועט קומען אַמאָל'.
7. אָנזאַמלונג פֿון זאַכן מיט אַ בּאַזונדערן ווערט, זעלטענע חפֿצים, אַנטיקן, זאַכן וואָס זײנען ווערטפֿול מחמת אַ צופֿעליקער קאָניונקטור, זאַכן וואָס האָבן אַ היסטאָרישן אָדער סענטימענטאַלן ווערט. אויך אָרט, בּנין, לאַגער וואו דאָס געפֿינט זיך. „דער סוחר האָט אין מלחמה־צײַט בּאַהאַלטן אַן א, פּראָוויאַנט“, רייד. א'ות מיט ווייץ און קאָרן אין אַ הונגעריאָר. „ר, יהודה הנשׂיא האָט אין אַ הונגעריאָר געעפֿנט זײַנע שפּײַז־א'ות נאָר פֿאַר תּלמידי־חכמים...דערנאָך פֿאַר אַלעמען“, ← בבא

בתרא, ח/א. אַן א, שערבלעך פֿון קרוגן. דער

אדצר

א, פּרוכתן, מענטעלעך, חנוכּה־לאָמפּן, בשׂמימבּיקסלעך, כּוסות און כלערליי תּשמישי־קדושה אין ייִדישן מוזיי. דער מוזיי גופֿא איז אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלער א'. א'ות ספֿרים.

8. גרויסע אָדער באַזונדער ווערטפֿולע קאָלעקציע ספֿרים, ביכער, כּתבֿ־ידן, בריוו, פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַרכיוו־מאַטעריאַלן אָדער קונסטווערק. אַן א, פֿון רבנישער ליטעראַטור. אַן א, בילדער. „דירעקט בשכנות מיט דער מלוכהביבליאָטעק און אירע א'ות וואָס זײַנען אומפֿאַרבײַטלעך אויך פֿאַר אונדזער אַרבעט„, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. „קרובֿ צו פֿערציק יאָר האָט דער ייִוואָ אויפֿגעזאַמלט און אײַנגעזאַמלט ...א'ות פֿון גאָר גרויסן פֿאַרנעם„, טמז, 1964 ׳י 3. די ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק האָט גוואַלדיקע א'ות. דער א, פֿון לוּווער. אַן א, פֿון חזנישער מוזיק. ״צפֿת האָט שוין אַן א, מיט מאָדערנע בילדער״, פּבֿ.

9. זאַמלונג פֿון שפּראַכיקן פֿאַרמעג פֿון

,

ווערטער, סינאָנימען, אידיאָמען, שפּריכווערטער, כּלערליי פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן. י. ל. כּהנס א, פֿאָלקסלידער. מטוטש, א, פֿון דער ייִדישער שפּראַך. יע, דער וואונדער־א, פֿון דער ייִדישער שפּראַך. איגנאַץ בערנשטיינט א, שפּריכווערטער. ,,דער 'קול מבֿשר, איז אויך אַן אומאויסשעפּיקער א, פֿון דעם דעמאָלט גערעדטן ייִדיש,,, ישעיה טרונק, אונזער צײַט, 1962, 12.

()1. גרויסער סכום קענטענישן, ידיעות, וויסן. סכום גײַסטיקע מעלות אָדער ווערטן. אַן א, וויסן אין פֿילאָלאָגיע, אַסטראָנאָמיע אאַזוו. א'ות פֿון פֿאָלקסקולטור. "ווער זיך אויף דיזן עולם וואול אַן ברייט מיט מעשׂים טובֿים...דר פֿערכט זיך גאַר ניקשׂ פֿר דען שטארבּן. ער ווייש וואול דשׂ ער זיך איין גוטן א, גמאַכט הט אין הימל,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ,,זי וועט אויף אונדז אויסגיסן אַ גאַנצן א, פֿון הייליקע געדאַנקען און טײַערע זכרונות,,, ממוס, ,בּישיבֿה של מטה'. ,,וואויל איז דער חלק פֿון דעם זון וואָס ער איז זוכה צו וויסן די סודות און די א'ות פֿון זײַן פֿאָטער, אַזוי ווי אַ בן־יחיד וואָס דער פֿאָטער האָט אים געגעבֿן רשות, ער זאָל געוועלטיקן אין די א'ות" [בּבֿ 4 &], נוצ I. ,,אַ חכם

איז ער געווען, א'ות חכמות האָט ער
איבערגעלאָזט", פרץ, 'קהלת,. ,,...איז באַווירקט
געוואָרן פֿון דעם תּנכס א'", לע, טמז, 24 ם 1964.
11. אַ סך געלט (גוזמאדיק). אָנזעצן אַן
א'. אַרײַנלייגן אַן א, מיט געלט אין געשעפֿט.
,,ס'האָט אָפּגעקאָסט אַן א',,, שע, מאָטל. ,,און
ווי וועט ער זיך דאָס אָנדינגען אין שטאָט
פֿאַר עסן, עס וועט דאָך קאָסטן אַן א'",
מסדר אגרת, ווילנא והוראָדנא תּקפּ"ה. *זײַן
בויך (פּופּיק, טרעמבע) איז ווערט אַן א, =
איר — ער איז אַ פֿרעסער, ער גיט אויס אַ
גוזמא געלט אויף עסן.
12. זייער אַ סך, אַ גרויסע צאָל (
געוויינלעך וועגן עפּעס ווערטיקס). ,,אין איטלעכן
לײַכטער גאַנץ געדיכט ברענען זיך גאָר אַן
א, מיט ליכט", עט, לידער. ,,יעדער חלק ווידער
האַלט אין זיך אַן א, קאַפּיטלעך, יעדער
קאַפּיטל אַ גוזמא פּונקטן", ממוס, 'צוריק אַהיים'.
אויפֿעסן פֿאַרשלינגען אַן א, ספֿרים =
דורכ,

אוצר בלוס

לייענען, דורכלערנען אַ סך ספֿרים. אויו איר:

אַן (אבֿיון) מיט אַן א, ליַיז. זן אויך
אַדווערבֿיאַל. „דאָרטן, אויף יענער זיַיט..., איז אַן
א, בעסער ווי דאָ; מע הערט ניט פֿון צרות
און לייד, מע לעבט נאָר אין נחת און פֿרייד„,
עט, לידער.

13. אויסדרוק פֿאַר אַ מענטשן וואָס מע
האַלט אים זייער טיַיער, וואָס מע שאַצט הויך
זיַינע מעלות. „ביַי מיר אין דער היים האָב
איך אַן א', מיַין שימעלע זאָל לעבן„, רייד
(פֿון אַ מוטער וועגן איר זון). „ער האָט אַ
גאָלדן האַרץ, ער איז אַן א'„, רייד. „ביז
ס'האָט זיך געפֿונען אַ תּכשיט אַ בחור, אַן
א'„, יהואָש, 'די געגנבֿעטע כלה'.
וואוילינגעריש, איר: „ביסט פֿאַר אונדז אַן א, — אין
דער ערד (אין דער אַדמה) [ווש מיטן ב2].

14. דזוו ב13 בנוגע אַ כלל. ישׂראליקל —
גאָטס א'. „האָט לוזין זאגין דורך משה דער
בורא דער יוצר, ווען ישׂראל ווערין הלטין
דיא תּורה — זולן זיא צו מיר זיַין איין א'„,
t ה II, יב. 15. אויסדרוק פֿון צערטלעכקייט
[וועגן אַ קינד, אַן אינטים נאָענטן, אַ
געליבטער]. אויך אין פֿקפֿ: א'ל. מיַין א'ל, מיַין
ליבֿ קינד! „א'ל מיַינס! אַ געזונט אין דיַינע
ביינדעלעך!„, „שיין ביסטו, א־לעבן, אַזוי ווי

לויטער גאָלד,,, פֿל. אויך סתּם ווי אַן אופֿן
רעדן: ,,ס'איז דיר באַשערט...אַ גרויס גליק.
מיד אויס די טריט פֿון דעם ברונעט...מער
האָט די קאָרט ניט וואָס צו זאָגן, א, מײַנער,,,
אָפּאַ, 'ציגײַנער'. אָפֿט אויך איר: ,,קום אַהער,
א'ל, וועסט כאַפּן די ריכטיקע פּאָרציע".
16. איר, דאָס פֿאַרקערטע פֿון די פֿריִערדיקע
בּבּ. עמער אָדער אַן אַנדער כּלי מיט מיסט,
אָפּפֿאַל, טינוף, ספּעצ אין תּפֿיסה, אין קאַצעט.
אַרויסטראָגן דעם א,. אוווּאַ! האָט זי (ער)
אַרײַנגעכאַפּט אַן א', זי (ער) וועט האָבּן זיך
צו קראַצן אַ גאַנץ לעבּן,,, רייד.
אוצר בּלוס — [...בּאָלוס] דער, ־ות ־ים [
אויצרעס בּלוסים] < גיטין, סז/א. תּח. זן.
תּלמידחכם וואָס איז פֿול מיט כּלערליי קענטענישן,
ידיעות. ,,אונדזער מרא־דאַתרא איז אויף אַן
אמת אַן א, בּ',,.
אוצרדיק — [אויצערדיק] אַדי. וואָס איז ווי,
האָט אַ שײַכות צו אַן אוצר. א, אָפּהיטן די
תּורה. זאַמלען א'. ,,מיט דעם גלויבּן אין דעם
א'ן געפֿינס וואָס האָט אונדז אַנטקעגנגעשטראַלט
פֿון זייער נאַטירלעכקייט און עכטקייט". י. י.
סיגאַל, קענאָ, 15 52 I. ־יקייט.
אוצר־המלכות — [...האַמאַלכעס (...כוס)] דער,

א'ות־ה'. צבֿ. אוצר (← בבֿ 4, 6) פֿון קיניג. שאַצקאַמער פֿון מלך. מלוכה־קאַסע. "באַצאָל
אים פֿון א'־ה, צער און רפֿוי,,, פּרץ, 'צוויי
וועגן — צוויי משלים'. אַן אויסבּרענגער, ער
וואָלט געקאָנט צעפּטרן אַפֿילו דעם א'־ה'! ,,ווען
דער שׂונא איז געווען נאָענט צו דער
הויפּטשטאָט, האָט מען דע
א'־המל .. ,,וויל איך
ם א'־ה, אריבּערגעפֿירט
אין אַ הייל". אויך:
בּעבֿן דאָס געלט אין א'־ה, אַז דער ייִד זאָל
קומען צו קבֿר ישׂראל", משה אַהרן גליקמאַן
מליקאָוואַ, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898. פּפֿ:
א'־המלוכה. ,,די שיף מיט דאָס געלט האָט

814

מען צוגענומען אין א'־ה',,, ל. יאָסעלאָוויץ,
ועס פֿאָטערס צוואָה, ווילנע תּרמ"ז. ־דיק
— אַדי.
אוצר־הנשמות — [...האַנ(ע)שאָמע] דער.
בּלויז אצ. צבֿ. שאַצקאַמער פֿון נשמות אין
הימל, בּײַם רבּונו־של־עולם [פֿגל: ווען אַ ייִד
(אַ מענטש) דאַרף געבּוירן ווערן, נידערט אַראָפּ

די פּאַסיקע נשמה פֿון דעם גרויסן א׳־ה, און ווערט פֿאַרבונדן מיטן גוף פֿון ניי־געבוירענעם].
,,אין התבודדות איז די נשמה געווען, זײַענדיק אין א׳־ה׳, און האָט געזען שענערע זעאונגען,,, לדב, 272. ,,איר פֿרעגט, וואו עס איז אַהינגעקומען דער א׳־ה׳? ער איז דאָ! דאָס איז אַ מאַגאַזין מיט טויזנטער, טויזנטער מינים סחורה — געמיינערע, בעסערע, גוטע, גאָר גוטע...,,, פּרץ, 'פֿין דע סיעקל'. ,,ווי פֿון יענע הויכע וועלטן איז זי דאָ אַראָפּגעקומען, ווי פֿון א׳־ה, האָט דער בורא זי גענומען,,, יהואָש, ,רבי מתיא,.

אוצרות־זוכער — דער. ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער עס זוכט באַהאַלטענע אוצרות. אַוואַנטוריסט. אויך: פֿאָרשער, אַרכעאָלאָג. אַ טויכער אַן א׳־ז׳. די ניימאָדישע א׳־ז׳ס אין נגב. ־עריַי — זיך פֿאַרנעמען מיט א׳־ז׳יַ. ◌יש — אַדי.

אוצרות דIושך — [...כוישער] בלויז מצ. > ישעיה מה, 3 [רעדט זיך וועגן כּורשן וואָס גאָט וועט אים איבערגעבן א, ח׳]. ,,א, פֿון דער פֿינצטערניש‘‘, תּי. פֿאַרבאָרגענע, פֿאַרבאַהאַלטענע אוצרות, עשירותן. [ווערט געניצט ביים רעדן וועגן רײַכקייטן וואָס זייער אייגנטימער ווייסט אַפֿילו ניט וויפֿל זיי זײַנען.]

,,ער איז אָנגעשטאָפּט, גאַנצע קאַסטענעס מיט גאָלדענע און זילבערנע חפֿצים, א, ח'!,,, רייד. [פֿרגל אוצר(ות) פֿ ו ן חושך = גרויסער סכום פֿינצטערניש פֿון גײַסט, רשעות, באַרבאַרישקייט. ,,די דײַטשע רוצחים וואָלטן געקאָנט ליפֿערן אַן אוצר פֿון חושך און חיהשע אינסטינקטן פֿאַר אַ טיכטיקן פּסיכאָאַנאַליטיקער,,, לע, טמז, 1964 ז״י 3.]

אוצרות־נסשות — [...נעפֿאַשעס] פֿראַזע.

< בבֿא בתרא, יא/א. 'אוצרות פֿון (מיט) נפֿשות'. גרויסע סומעס געלט צו העלפֿן מענטשן, אוצרות פֿון (פֿאַר) צדקה. [די גמרא דערציילט אַז אַ מלו האָט פֿאַרשווענדט אין אַ הונגעריאָר זײַן פֿאַרמעגן וואָס ער האָט באַקומען בירושה. אויף די תּרעומות פֿון זײַנע ברידער האָט ער אָפּגעענטפֿערט: מײַנע עלטערן האָבן געקליבן אוצרות מיט געלט, אָבער איך קלײַב א'־נ'.]

אוצרות קורה — → קורחס אוצרות.

אוצרות של מעלה — [...שעל מײַלאָ(ע)]

געוויינלעך מצ. אויך אצ: אוצר של מעלה. פֿראַזע. צבֿ. [אויפֿן סמך פֿון דבֿרים, כח, 12: ,יפֿתּח ה, לך אוצרו הטובֿ'; תּהליס, קלה, 7: 'מוצא רוח מאוצרותיו'; איובֿ, לח, 22: ,אוצרות שלג ואוצרות בּרד'; זען אויך חגיגה, יב/ב.] אוצרות פֿון אויבֿן פֿון הימל פֿון רבּונו־של־עולם:

1. אוצרות פֿון הימל, אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד: רעגן, שניי, טוי אע. ← אוצר, בּ3. [פֿאַראַן אויך אוצר ההמה. דער אוצר פֿון דער זון. „גייען אַרויס פֿון א, ה'...ווינטן צו

אוקאַז

בּרענגען היץ אויף דער וועלט„, קה, לבֿ/אַ]

2. דאָס גוטס, די שפֿע פֿאַרן מענטשן וואָס ער קריגט פֿון בּורא־עולם. אויף דעם געבּויט אַ צאָל תּפֿילות און פּיוטים (למשל: פֿון נעילה, 'שערי שמים פּתח'). „חסידות גיט צו פֿאַרשטיין אַז ,אוצרך', דאָס הייסט דער אוצר של מעלה, איז בּכלל טובֿ„, לדבּ, נט. 3. ← אוצרהנשמות. „אויבֿן [אין] היכל אַהבֿה זײַנען פֿאַרבּאָרגן אַלע א, ש, מ', דאָרטן גייען אַרײַן די נשמות...“, נוצ, קיז.

אוצר ישׂראל — נאָמען פֿון העבֿרעאישער
ענציקלאָפּעדיע, אונטער דער רעדאַקציע פֿון
יהודה־דוד אײַזנשטיין, אַרויס אין נ״י
1906–1913. אַרײַנקוקן אין א, י'.

אוצר של הינם — [...שעל כינאָ] דער. בֿא.
'אוצר פֿון אומזיסט'. אוצר פֿון רבֿונו־של־עולמס
אומזיסטע, ניט־פֿאַרדינטע מתּנות. „און איך טו
אַמאָל זיך דערבֿאַרעמען אויף דעם וואָס איך
וויל, כאָטש ער איז ניט ווערט...אַזוי נעם איך
פֿון דעם גרויסן אוצר וואָס הייסט א, ש, ה',
אַן אוצר פֿון אומזיסט...מחמת רחמנות„, איבֿז
תּנחומא, שמות, וואַרשע תרמ״ו.

אוצר של יראת־שמים — [...שעל
ייִראַסשאָמאַייִם] דער. פֿראַזע. < בֿרכות לג/בֿ, אויפֿן
סמך פֿון ישעיה, לג, 6: 'יראת ה, היא אוצרו'.
אוצר פֿון גאָטספֿאָרכטיקייט [מיטן באַנעם אַז
נאָר יראת־שמים האָט אַ ממשותדיקן ווערט,
אַלע אַנדערע מענטשלעכע פֿאַרמעגנס זײַנען
בלויז אילוזאָריש]. ער פֿאַרמאָגט אַן א, של
י'־ש, = זײַן גאַנץ לעבֿן איז דו .כגעדרונגען
מיט גאָטספֿאָרכטיקייט. פּפֿ: אוצר פֿון
יראתשמים. „,...גראָבֿן מיט גרויס האָרעוואַניע כּדי
צו אַנטפּלעקן דעם א, פֿון י'־ש, וואָס ליגט
פֿאַרבֿאָרגן״, תּניא.

אוק — דער, ־עס. > ־ו'ק, סופֿיקס פֿאַר
שפּאָטנעמען, ווי: שנײַדערוק, שוסטערוק, באָנדערוק,
קאָוואַליוק. עמעצער פֿון אַ נידעריקן סאָציאַלן
שטאַנד. „אַליין איז ער אַ שוסטערוק און דער
מחותּן זײַנער איז אויך אַן א, און אַ מרוק“,
רייד. „קיין א, נישט געהאַט אין דער משפּחה„,
סמבֿ.

אָוק — דער. מצ נבֿ. אַמ. 1 .> ▯ :oak. דעמבֿ,
אייכנבוים. 2. אייכנהאָלץ. 3. ברוינלעכער
קאָליר (ווי פֿון אַ דעמבֿ).

אוקאַ'ז — דער, ־ן. > רוס, וור, אוק. 1.ר
דעקרעט, באַפֿעל פֿון אַ העכערער מאַכט, וואָס
האָט דעם כּוח פֿון אַ געזעץ (געוויינטלעך פֿון
דער צאַרישער מאַכט). „דער זאַקאָן פֿון פּרס
ומדי איז געווען אַז דער א, פֿון קיניג וואָס
איז צוגעחתמעט מיט די חתימה פֿון קיניג
טאָר ניט געענדערט ווערן בשום אופֿן„, נוצ.
„ער האַט געבעטן די פּויערים זיך צעגיין און
ניט גלייבן אַז עס איז דאָ אַן א, צו ראַבעווען
ייִדן“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „אָט פֿאָרט דער
פּריסטאַוו מיט דער וויסטער בשׂורה שוין, דער
פֿינצטערער א': עס טאָר קיין זשיד ניט האַלטן
מער קיין מיל אין דאָרף„, הר, הרודעס. „איז
אַרויס פֿון קיניג אחשורוש אַן א'„, שע, '

קאָנקורענטן'. 2. פֿאַראָרדענונג פֿון פּאָליציי.
„אַמאָל, פֿאַרצײַטנס נאָך, איז אַרויס אַן א„
מע זאָל די גאַס אויספּלאַסטערן מיט שטיינער„„

אוקאַזעווען

שע, מע□tזיות און פֿאַנטאַזיעס. 3. באַפֿעל צו
אַ יחיד, אַרויסרוף צו אַ פֿאָרשטייער פֿון מאַכט.
„האָט דער מלך געשיקט אַן א, נאָך אים;
האָט מען אים געבראַכט צום מלך“, נחבֿ,
'מעשׂה מחכם'. 4. די באַוואוסטע גזירה פֿון
דער צאַרישער מאַכט אין 1850 וואָס פֿאַרווערט
צו טראָגן לאַנגע מלבושים, על־פּי דער ייִדישער
טראַדיציע. „אַלס דער א, פֿון אומקליידן זיך
איז געקומען זײַנען דיזע פֿאַלשע סחורות
[שטרײַמלעך פֿון ציגענע און קעצישע האָר]
געבליבן אָן אַ ווערט„„ אמד, די אידעשע
קליידער אומוועקסלונג, ווילנע תּרל“א. „נאָכן א,
האָט ער זיך אָנגעטאָן דײַטש„„ פּרץ,
ליטעראַטור און לעבן.
אוקאַזעווען — אוטוו. ־זעווע, אוקאַזעוועט.
סל. < רוס. 1. אָנווײַזן עמעצן (דאַטיוו)
וואָס צו טאָן. 2. באַפֿעלן. „ער קאָמאַנדעוועט,
אוקאַזעוועט, ווי ער וואָלט געווען אַ כּל־ולך“.

אוקאָ'ל — דער, ־ן. רוסיצ. אײַנשפּריצונג.
,,קיינע א'ן אָן דער פֿאַראָרדענונג פֿון אַ
דאָקטער טאָר מען ניט מאַכן,,, פֿגעז, ווילנע 1928,
.No 11
אוקאָם — דער, ־ען. סאָוו. קירצונג: אױעזדנע
קאָמיטעט (פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ).
,,איצט דאַרפֿסטו קריגן אַ רעכטע דירה דורכן
א, צי אויף אַן אַנדער אופֿן“, משה טײַטש,
אַרוס דער פֿאַבריק.
אוקאָנאָמיש — דזוו עקאָנאָמיש. ,,איך בין
גענוג א', אַזאַ בעל־ביתטע ווי איך בין איז
נישטאָ קיין סך,,, ימבר“ע, שפּרינצע מירל...,
בוקאַרעשט 1878.
אוקאָ'ס 1 — דער. מצ. סל. < וור, רוס.
שניט פֿון תּבֿואה. סכום פֿון אָפּגעשניטענעם
היי. ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן דעם גרויסן א'.
אוקאָ'ס 11 — דער, ־ן. סל. < רוס. דרענגל,
קלעצל וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט קרום,
משופּעדיק, עפּעס אונטערצושפּאַרן. ,,דער פּלויט
איז צעפֿאָרן געוואָרן, מע מוז שטעלן א'ן,,.
או'קאָ'ס — אַדוו. אויך: אין אוקאָס. < רוס,
פּויל. אין דער קרום, מיט אַן אָפּנייג אין
אַ זײַט. באַלכסון. ,,דער ראָק פֿון די קליידער
איז געשניטן א'...און געפֿוטערט מיט

אונטערשלאַק", ה. בלום, טמז, 9 1958 II.
אוקאָסנע — אַדי & אַדוו. < וור. קרום, קאָסע, משופּעדיק. (בּ)אַלכּסונדיק. דער לייטער שטייט א'; אַן א, ברעט. „שטעל דאָס לייטערל א, צו דער וואַנט", ח. פּעט, איק, פּסח תּשי"ז.
אוקאַריסט(יש) — ← אייכאַריסט(יש).
אוקולעלע — די, ־ס. (מוזיק) קליינע פֿירסטרוניקע גיטאַר [פּאָפּולער אויף די האַוואַיעאינדזלען].
אוקי אַהזקתיה, אוקי אַהזקיה — [אוקיי(־קע) אַכאַזקאָסיי] פֿראַזע. תּח < חולין, י'/ב אאַ. תּלמודישער טערמין וואָס באַצייכנט: אַוועקשטעלן (זיך שטיצן) אויף דער חזקה; איבערלאָזן ווי געווען; בלייַבן בײַם סטאַטוסקוואָ.
אוקיינוס — [אָקיאָנוס] דער. בא. < מדרש תּנחומא, חיי שׂרה, ג אאַ. דזוו אָקעאַן (

פֿאָלקס815

טימלעך־טראַדיציאָנעל, אין אַגדות, לעגענדעס און פֿאָלקס־מעשׂיות). אויך אַלע אָקעאַנען אינאיינעם. [אויך אַלע וואַסערן פֿון דער ערד. די גאַנצע וועלט טרינקט פֿון א,. לעגענדאַרע

פֿאָרשטעלונג: ווען דער לויתן דרייט זיך
איבער, קאָכט און זידט דער א, אַ גאַנצע וואָך.]
„די פֿיש די זײַנען געלאָפֿן אין...ים א', דאָס
דא גייט אום דער גאַנצער וועלט אַרום„, צור,
נח. „דאָס וואַסער פֿון דער גאַנצער וועלט
האָט ער צוס אויף גענומען אין ים א אַרײַן“,

,

מלרה, ט/ב. פֿיג: „דער פֿונק פֿון דער שכינה
דער לעצטער זיך לעשט אין א, פֿון זינד“,
יהואָש, 'געפֿאַלענער מלאך'.
אוקי ממונא בהזקת מריה — [אוקיי(־קע)
מאָ'מענע בעכעזקאַס מאָרי] זאַץ. תּח. < בבֿא
קמא, קיח/א; כתובות, יב/ב אאַ. .לאָז איבער
דאָס געלט אין רשות פֿון באַזיצער'.
תּלמודישער פּרינציפּ אַז בײַ אַ ספֿק, צי דער מאָנער
איז גערעכט, בלײַבט דאָס געלט בײַ דעם וואָס
האָט עס, ווײַל 'המוציא מחבֿרו עליו הראיה'.
[אויב דער מאָנער, דער תּובֿע, איז זיכער
און דער נתּבע איז ניט זיכער, איז פֿאַראַן אַ
פּלוגתּא, ווײַל דאָ שטויסן זיך צונויף צוויי
פּרינציפּן: דער אָקערשט אָנגעוויזענער און
דער פּרינציפּ פֿון 'ברי ושמא — ברי עדיף,
= זיכער און אומזיכער (אפֿשר) איז זיכער
מכריע.]

אוקלאַ'ד — דער, ־ן. רוסיצ. באַשטימטער,
אַרויפֿגעלייגטער אָפּצאָל, שטײַער (לויט אַן
אָפּשאַצונג). „אַפּטייקן מוזן צאָלן...לויט א, פֿון
צווייטער גילדיע“, קמ, 48 1865, No.

אוקלאַדעווען — טרוו. ־דעווע, אוקלאַדעוועט.
סל. 1. אויפֿלייגן, אײַנלייגן, אַוועקלייגן,
אײַנפּאַקן. „זיי האָבן זיך נוהג געווען ווי
בעליבתּים, געקומען מיט פֿורן און האָבן ווי סוחרים
אוקלאַדעוועט וואָס זיי טויג“, ייִפֿאָל, 1882,
No 17. *ס'האָט זיך אוקלאַדעוועט, ס'האָט זיך
אַרײַנגעפּאַסס. 2. אַרויפֿלייגן שטײַער לויט
אַן אָפּשאַצונג. א, די בעלי־בתּים לויטן
אײַנזעעניש פֿון סטאַראָסטע.

אוקלייקע 1 — די, ־ס. < וור, אוק, רוס.
ווײַספֿישל פֿון דער קאַרפּן־משפּחה. לעבט אין
אָזערעס און טײַכלעך,
שווימט נאָענט צו דער
אייבערפֿלאַך און גרינג
צו כאַפּן מיט אַ
ווענדקע. rinus aȷburnus□[□).

אוקלייקע 11 — די, ־ס. < וור, רוס (
שוסטערײַ) דאָס אַרײַנגעקלעפּטע שטיקל לעדער
אָדער לײַוונט אינעווייניק אין א שוך אָדער
שטיוול.

אוקליעפּען זיך

א   ען

— אוטוו. ־פּע זיך

, זי

ליעפּעט פֿטמ. אוקר < אוק. אויך: ק י

.

זיך. זיך אָנזעצן אויף עמעצן, זיך צוטשעפּען, זיך אײַננאַדיען. [אַסאָציאירט מיט קליפּה.] „דער שלימזל האָט זיך אוקליעפּעט אין מיר און איך קען זײַנער ניט פּטור ווערן“, רייד (אַן אַלטער זאַמלער, ציטירט זײַן זיידן).

אוקסיל(י)אַ'ר — דער, ־ן. שפּאַ. 1. געהילף, צוהעלפֿער. „עס פֿאָדערט זיך אַן א, אין

חשאוקראָיען זיך

בּונות„„ רייד (אַרגענטינע). 2. אָנגעשטעלטער פֿונקציאָנאַר אין אַ מיליטערישן אָדער פּאָליצייאישן אַמט. „די א'ן האָבּן ווייניק וואָס צו טאָן אין אָפֿיסינע„„ רייד (אַרגענטינע). ־יש — אַדי.

אַוקסיניק — דער, ־עס sas au: . < .

ווער עס קריגט אַרויס גאָלד. „די פּויערים האָבּן געקוקט אויפֿן געיעג נאָך ייִדן ווי אויף

אַ מיטל לײַכט און גיך רײַך צו ווערן...די
פּויערים פֿלעגן בײַ די געכאַפּטע ייִדן פֿאָדערן
גאָלד. די גערודפֿטע ייִדן האָבן די פּויערים
אַ נאָמען געגעבן אַ'עס...און פֿלעגן זיך פֿאַר
זיי שטאַרק היטן,,, לייב קאַניוכאָווסקי, ייִבל
XXX▯II.

אוקראַאיניזאַציע — די. < רוס. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אוקראַאיניזירן (זיך).

אוקראַאיניזירן — טרוו. ־זיר, [גע]
אוקראַאיניזירט. מאַכן (מער) אוקראַאיניש (אײַנפֿירן
אוקראַאינער לשון, צוגעבן אוקראַאינישן
כאַראַקטער). א, די גרויסע שטעט וואָס זײַנען
פֿריִער געווען אינדזלען פֿון רוסיפֿיקאַציע. מיט
ז י ו — ,,ייִדן האָבן זיו שווער אוקראַאיניזירט,
אַ סך גיכער איז פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס
פֿון רוסיפֿיצירן זיך,,. ־ונג.

אוקראַאיניזם — דער, ־ען. וואָרט, אויסדרוק,
גענומען פֿון אוקראַאיניש. ,,איך האָב דאָס
פֿעסטגעשטעלט בײַ הונדערטער א'ען (אין
וואָלינער ייִדיש),,, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 5.

אוקראַאיניש — אַדי. פּפֿ: אוקרײַניש.
וואָס איז פֿון, שייך צו, ווי אין אוקראַאינע,
בײַ אוקראַאינער. א'ע פֿאָלקסלידער. א, לשון.
,,געטראָגן אַן א, העמד מיט אויסגענייטע

קרייצלעך אַרום האַלדז“, י. קייטעלמאַן, איק, פּסח תּשכ,,ג.

אוקראַאיניש — דאָס. פּפֿ: אוקרײַניש.
שפּראַך פֿון אוקראַאינער. סלאַוויש לשון, נאָענט
צו רוסיש. [אַ קאָנטיקע צאָל סלאַוויזמען וואָס
זײַנען פֿאַראַן אין ייִדיש איז איבערגענומען
פֿון א, [illegible]]

־ג[illegible]רין. אוק[illegible]אינאָפֿ —

אָנ[illegible]ר

[illegible].

או אאיIנ — ← או רײַנע. ־ ץ, סל.
ע
הענגער פֿון אוקראַאינער נאַציאָנאַלער
באַוועגונג.

אוקראַאינקע — די, ־ס. 1. אוקראַאינערין;
אַן אוקראַאינער אײַנגעבאָרענע. אַן
אויסגעפּוצטע א,. 2. מין ווייץ פֿון גוטן סאָרט וואָס
וואַקסט אין אוקראַאינע. די א, איז הײַ־יאָר
שטאַרק געראָטן.

אוקראָיען — טרוו. ־ראָיע, אוקראָיעט. סל.
< אוק, רוס. פֿאַרדעקן, אויסבאַהאַלטן,
פֿאַרבאַהאַלטן. א, די פֿאַרברעכערס.

אוקראָיען זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־יעט

זיך, זיך אוקראָיעט. < אוק, פּויל. זיך
אויסטיילן פֿאַר עפּעס אַ ציל, זיך אויסקאָמבינירן
(עס זאָל איבערבלײַבן, מע זאָל פֿאַרדינען).
,,מע וועט צונויפֿקלײַבן דאָס גאַנצע אויפּס,
אָפּשיטן אין קעלער, אפֿשר וועט זיך א',
אַראָפּפֿאַלן דערפֿון עטלעכע הונדערט גילדן,,, ווײַס,
'דער איבערגאַנ□ .

אוקראָפּ

אוקראָפּ 1 — דער. < פּויל, וור. אויך:
אוקרעפּ, אָקריפּ, אָקרעפּ, אוקריפּ.
1. קאָכעדיק וואַסער. אָפּגיסן עמעצן מיט א,
ווי אַ חזיר. אָפּבריִען מיט א'. ,,אַ מערכה וואָס
מײַן ווײַב הערט דאָ נישט, זי וואָלט דיך
אָפּגעגאָסן מיט א',,, וואַרשויער יודישע צײַטונג,
2 .26 1867, No. הייס וואַסער וואָס האָט
שוין געזאָדן.
אוקראָפּ 11 — דער. מצ נב. < וור, רוס.
אויך: קראָפּ, קריפּ, או'קרי'פּ. גרינס
צו באַווירצן און פֿאַרפֿראַווען
אַ יויך, אַ געקעכטס, אָדער
אוגערקעס בײַם אײַנזײַערן. [פֿון
דער מערן־משפּחה, האָט

געלע בלימעלעך; דער טעם קומט
פֿון די זאָמען.] „אַ שטיק
קעלבערנע געבראָטנס. אַ
מאַלאָסאָלנע אוגערקע מיט
מחיהדיקן ריח פֿון א'„, זש, נח
פֿאַנדרע. Ane hum g aveolens.
אוקרוך — דער, ־עס. < וור. אָפּטער: קרוך.
גרויס שטיק (ברויט, קעז). אָפּברעכן אַן א,
ברויט און אַרײַנרוקן אין בוזעם אויף שפּעטער.
אוקרײַניש — ← אוקראַאיניש.
אוקרײַנע — גנ. 'גרענעץ־לאַנד'. פּפּ:
אוקראַאינע. סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליק
אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד (אוסס„ר), די
צווייטגרעסטע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד פֿאַר דער
צוויי.
טער וועלט־מלחמה פֿאַרנומען אַ שטח פֿון
451,767 קוו, ק"מ פֿון שוואַרצן ים ביז דעם
,
טײַך פּריפּעט און די קאַרפּאַטן. נאָך דער
צווייטער וועלט־מלחמה פֿאַראייניקט מיט מזרח־
גאַליציע, מיט טיילן פֿון דרום־מזרח פּוילן,
בעסאַראַביע, צפֿון־בוקאָווינע און קאַרפּאַטן־
רוסלאַנד — אַ שטח פֿון 576,000 קוו, ק"מ,
באַפֿעלקערונג אין גרעסטן רובֿ — אוקרײַנער.

1897 (אין אַמאָליקע גרענעצן פֿון צאַרישן רוסלאַנד) — 21,200,000 איינוו', 1,927,000 ייִדן; 1917 — 27,700,000 איינוו', 2,300,000 ייִדן; 1926 — 29,200,000 איינוו', 1,300,000 ייִדן; 1939 — 0(),30,960 איינוו', 1,532,827 ייִדן; 1956 (מיט די צוגעקומענע געגנטן) — 40,000,00) איינוו,, 840,000 ייִדן.

אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פֿון א, — קלענערע גרופּעס ייִדן אין קרים שוין אין דער צייט פֿון בית־שני. ייִדישע ישובֿים אין 10. & 11. י,,ה אין דעם לאַנד פֿון די כּוזרים. די פּויליש־ליטווישע אוניע (1569) האָט געפֿירט צום אויפֿקום פֿון ייִדישע ישובֿים. אין ערשטער העלפֿט 17. י,,ה שאַצט מען די צאָל ייִדן אין א, — 53,300 (אויף 1,037'000 איינוו').

16481649 — גזירות ת"ח ות"ט, בעתן אויפֿשטאַנד פֿון באָגדאַן כמעלניצקי. כמעלניצקיס שחיטות זיינען פֿאַרבליבן אין געדעכעניש פֿון פֿאָלק ווי דער גרעסטער חורבן אין א'. "און, זיא האבן חרוב גמאַכט דשׂ גאַנץ לנד אוקריינא און, פּאָדלי, [= פּאָדאָליע], וואָלין, דשׂ מן קיין צייכן קען דער פֿון זעהן וואו די יהודים גוואונט האבן,,, שאַר.

זינט 1667 א אַ טייל פֿון דער רוסישער
’
אימפּעריע. דער ייִדישער ישובֿ וואַקסט, ניט

816

גערעכנט אויף באַגרענעצונגען און רדיפֿות (←. אומאַן), און א, ווערט דער צווייט־וויכטיקסטער קיבוץ אין מזרח־איראָפּע (גלײַך נאָך פּוילן).
דער דעמאָגראַפֿישער אויפֿשטײַג איז באַזונדער בולט אין 1897־1917.

נאָך דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917 אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין א, מיט אַ ייִדישן מיניסטער בראָש. אין 1919 אַ כוואַליע בלוטיקע פּאָגראָמען, געמאַכט פֿון הײַדאַמאַקעס, פּעטלוראָווצעס און אָפּטיילן פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער דעניקין־אַרמיי, מיט 75,000 הרוגים און חורבן פֿון הונדערטער קהילות. אין ווירטשאַפֿטלעכן איבערבוי פֿון די 20ער און 30ער יאָרן באַזונדער וויכטיק דער אויפֿקום פֿון צענדליקער קאָלאָניעס און דער אויסשפּרייט פֿון קולטור אַרבעט אויף
-

ייִדיש. די נאַצישע אינוואַזיע האָט געפֿירט צום
גרעסטן חורבן אין דער געשיכטע פֿון ייִדן
אין א', ווען איבער אָנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדן
זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן.

חסידות האָט געפֿונען אין א, דאָס גינציקסטע
פֿעלד פֿאַרן פֿונאַנדערוואוקס. חסידישע רבײים
זײַנען געוואָרן דעם בעשטס אייניקלעך און
אָפּשטאַמיקע פֿון מעזריטשער מגיד (עטלעכע
וויכטיקע רבײים: ר, נחום טשערנאָבילער, ר,
ישׂראל ריזשינער, ר, ברוך און ר, פּנחס
קאָריצער, דער שפּאָלער זיידע, ר, דודל טאַלנער.
← אומאַן). א, שפּילט אַ פּיאָנערן־ראָלע אין
די באַוועגונגען: חיבת־ציון, ביל"ו און
עמעולם. באַזונדער וואָגיק איז דער בײַטראָג פֿון
אוקראַינער ייִדן צו דער ייִדישער ליטעראַטור
[חיים חײַקל הורוויץ, ר, נחמן בראַצלעווער,
מענדל סאַטאַנאָווער, ריב"ל, גאָטלאָבער,
אַקסענפֿעלד אאַ. ממוס האָט געשריבן זײַנע ווערק
אין זשיטאָמיר, באַרדיטשעוו, אַדעס. זײַן '
אייניקל', שע, דער גרעסטער א'ר לאַנדסמאַן.
שרײַבערס פֿון א, האָבן מיטגעהאָלפֿן אין
אויפֿשטײַג פֿון מאָדערנער ייִדישער קולטור אין
סאָוועטישער א, ווי אויך אין אַנדערע ייִדישע
קיבוצים ▯] ניט געקוקט אויפֿן זאַטערן ייִדישן

לעבן (אין פֿאַרגלײַך מיט ווײַסרוסלאַנד אאַ) און
אויף רואיקע תּקופֿות, זײַנען די הריגות
פֿאַרבליבן אין זכּרון פֿון פֿאָלק. ווי אַן עכאָ פֿון
די לאָקאַלע קינות פֿון א, קלינגען די שורות:
„טרויער פֿון אַן עלטערזיידן, טרויער פֿון א'ר
פליינען — ניט אין וואָרט אַרויסצורעדן, ניט
אין תּהילים אויסצוווייִנען„, מל, 'מײַן טאַטע'.
אוקרײַקע — די, ־ס. < רוס. דזוו אָקרײַקע,
אָפּגעשניטן שטיקל שטאָף. אַ קאָלדרע פֿון א'ס.
אוקריל, ־רעל — דער, ־ן. קלעזמער־לשון.
ברויט. "עס קריכן די זשיקרעצן [= אויגן]
אויס פֿונעם קאָפּ נאָך אַ שטיקל אוקריל...אויף
צו עסן„, ש. איריס, אָט אַזוי האָט מען
געשפּילט טעאַטער, ב"א 1956.
אוקרנאַצמי'נד — מאַוו. קירצונג:
אוקראַאינער נאַציאָנאַלע מינדערהייט(ן). „דער א'־
פֿאַרלאַג אין קיִעוו האָט אָנגעפֿאַנגען אַרויסגעבן
מענדעלע מוכר־ספֿרימס געקליבענע ווערק",
צנק, מאַרץ 1937.
אוקרעפּליאַיען — טרוו. ־ליאַיע,
אוקרעפּליאַיעט. רוסיצ. צופֿעסטיקן, פֿאַרפֿעסטיקן,

באַאור

שטעטיקן. א, דעם סטאַטוט. „אַלע ייִדישע
זעמלעדעלצעס זענען פֿרײַ און קענען צו קיינעם
ניט אוקרעפּליאַיעט ווערן [ווי לײַבאייגענע]„,
קמ, No. 5, 1870. מיט ז י ך — אויך:
צופֿעסטיקן זיך צו אַ שפּײַזגעשעפֿט (סאָוו, אין
דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה).
אוקרעפּע — די, ־ס. < רוס. 1.
פֿאַרפֿעסטיקונג. אונטערשפּאַר. דער דאַך דאַרף אַן א'.
אַן א, פֿאַרן אַלטן בוים. 2. (שנײַדערײַ)
אונטערגעניי פֿון שטײַפֿלײַוונט.
אור־ — פּרעפֿיקס. Mhd: u□־. שטענדיק
מיטן אַקצענט. באַטײַט: זייער אַלט. וואָס איז
ערשט אין צײַט; ערשט אויף אַ באַשטימט
אָרט. לכתּחילהדיק. פּרימיטיוו. ← ווײַטערדיקע
ווערטער מיט אור־.
אור — אַדי. נעאָל פֿון פּרעפֿיקס אור־. ← דפֿוו.
„א'ע פֿאָרכט“, לע, בײַם פֿום פֿון באַרג. „צו
די גאַנצע, א'ע, אייביק שטילע, וואָרע
זעאונגען„, אפֿא,...שקיעה.
אור (אוה□) — די, ־ן. Mhd: ו□r(e). אַרכ.

1. זייגער. האָבן א'ן צו פֿאַרקויפֿן. פֿאַרריכטן
איצט דטשמ. קורלאַנד. אויך: או(י)ער.

□

אַן א'. „ווען די א, איז שטיין געבליבן שבת איז אָסור צו לאָזן אויפֿציִען אַפֿילו דורך אַן עכו„ם. ווען די א, נאָך גייט איז מותּר צו לאָזן פֿון אַן עכו„ם אויפֿציִען. אויך לצורך חולה איז מותּר“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולמ, אונגוואַר 1864. אורטעשל — זייגערקעשענע [געניצט בײַ שנײַדערס אין פֿאַרשיידענע מקומות: ווילנע, וואָ אאַ.] 2. מיטן אָנווײַז אויף דער שעה. דרײַ א, = דרײַ אַזייגער. „איך רײַט אַלי צײַט בּהשכּמה אויש און, קום זעלטין או[נט□] כ„א אַדיר כ„ב אור [= צוויי אָדער דרײַ אַזייגער בּײַטאָג] אַהיים צום עסין“, פּראָגבֿ, 3. “זענען זיי...אין דער פֿרי געקומען אין ניו־יאָרק. אום צוויי אוהר האָבּן זיי זיך אויסגעשיפֿט און גענעכטיקט אין קאַסטל־גאַרדן“, ייִפּאָל, 13 1881, No. stoבּ פּאַרטײַטשט 'שעה, — אויער. “אום נײַן אודר צעהן אויערן אין דער נאַכט הבּין מיר דיא בּשׂורה רעה טון הערין“, 'נײַא קלאָג ליד פֿון חורבן וורמיישׂא', אַמשט 1723 [פֿש III].

זאַמדאור = זאַמדזייגער. „אַ ז, האַלט ער אין דער לינקער האַנט, אַ קאָסע אין דער

רעכטער", פֿרוג, 'צוויי טאָסטן'. א , ה ע נ
דל ע ר — ,,דער א, מוז שוין אַוודאי דאָס
זייגערל האַלטן צען יאָר", ימבּרע, שפּרינצע
מירל..., בּוקאַרעשט 1878. ← אורמאַכער.

אור — אַרכ אויסלייג פֿון אויער. ,,און, גאָט
האָט אַנטפּלעקט דשׂ אור [אזן] פֿון שמואל",
סהמ, 1716, שמואל א, ט, 15.

אור — [אויר, אָר] דער, ־ות [אוירעס] >
בּראשית, א, 3 — 'יהי אור, [,,זאָל זײַן ליכט"]
אאַ. תּח. ליכט, ליכטיקייט. געניצט ניט אין
קאָנקרעטן, פֿיזישן, נאָר אין אַן אַבּסטראַקטן,
גײַסטיקן, מאָראַלישן, מעטאַפֿיזישן זינען, אָדער
וו אַ מעטאַפֿאָר. 1. דאָס געטלעכע ליכט.
י
דאָס ליכט פֿאַרן און פֿונעם וועלטבּאַשאַף. ,,עס
זאָל זיך אַנטפּלעקן דער א, פֿון גאָט...אין דער
אינערלעכקייט פֿון זײַן האַרץ,,; "כּבֿיכול...האָט
אָפּגעקערט אויף אַ זײַט זײַן גרויסן,

אומענדאוראַ,

לעכן א',,; ,,די בּחינה פֿון חכמה וואָס אין
דעם נפֿש, וואָס אין איר איז דער א, פֿון
אין־סוף בּרוך־הוא", תּניא פֿון דעשׂט וועגן

"

ווערט די תּורה גהיישן אור", עח, סג/ד. "די נשמה איין אור פֿון דעם כּסא הכּבֿוד איז"" עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. פֿיג, קאָנקרעטער. "קומט דער ווינט צו גיין פֿון עולם־הבּאס, וואָס דרעמלען לײַטזעליק, און פֿון דעם שבּת וואָס האָט קיין סוף נישט, בּרענגט ער אַהער א'ות", צײַט, גש I.

2. גײַסטיקע ליכטיקייט, רוחניותדיקייט. דערהויבּנקייט וואָס שײַנט אַרויס פֿון אַ צדיק. "אויבּ דער א, איז טאַקע בּײַם מעזריטשער מגיד, דאַרף מען דאָך קענען מקבּל זײַן אָט דעם א'", הלל צייטלין, אַרײַנפֿיר אין חסידות. 3. חיות, וויטאַליטעט. כּוח פֿון שעפֿערישקייט, פֿון לעבּן, פֿון דער נשמה. "אַזו קומט דר מלאך צדקיאל אונ בּיקלייט זײַן נשמה מיט זעלכי א'ות פֿון דר תּורה אונ מצוות", עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. "עס איז ניט קענטיק קיין שום א, (און קיין שום חיות)...זיי קוקן אויס ווי טויטע"" תּניא. 4. אינעווייניקסטע בּאַלויכטנקייט; ליכט וואָס קומט פֿון עפּעס וואָס איז הייליק פֿאַרצײַטיקע

" .

חסידים האָבּן געזוכט דעם א', ניט דעם אות

פֿון דער תּפֿילה“, שנ, ,ר, נחמן בראַסלאַווער.
5. זעאונג פֿון גרויס ליכט(יקייט). ,,דער בע“ש איז אַמאָל געפֿאָרן קיין סאַטאַנאָוו... אונטער דער שטאָט ניט ווײַט האָט ער געזען אַ גרויסן א, איז אין שטאָט,,, שבֿחי בעשט, זשאָלקעוו תּר,,י. 6. ערשטער טייל פֿון אַ צאָל אויסדרוקן און טערמינען. ← ווײַטערדיקע ווערטער מיט אור.

אוראַ, — פּפֿ צו הוראַ'. אויסרוף פֿון באַגײַסטערונג (בכיוון אַרויסגעוויזענער אָדער מיט אַן אָנשטעל) פֿאַר אַ הערשער פֿירער פֿאַר אַ נצחון, בײַ אַ פּאַראַד אע. ,,ניקאָלײַקע [= רוסישער צאַר ניקאָלײַ II] זאָל האָבן אַזוי פֿיל כּוח, וויפֿל כּוח איך האָב צו שרײַען א',,, פֿוול. ,,דער כּבֿוד פֿון מלכים פֿירשטן איז דאָך אויך אַז אַלע פֿײַנע בריות באַלייטן זיי...מיט גרויס א, שרײַען גאָר אַ שרעק, אַלע צײַטן ווען זיי גייען פֿון ערגעץ אַוועק,,, ממוס, זמירות. ,,דער המון, דער ווילדער פּלעבס, שרײַט א',,, פֿרוג II. ,,א'! — האָט ער אויסגעשריִען — מיר האָבן גענומען דעם בריק,,, מ. ק., די טײַוועלשע בריק, בראַהילובֿ 1915.

סובֿ — דער א', ־ען (־ס). „בלע המות לנצח
...דאָס איז אונדזער א',,, אמד, די נאַכט פֿון
טו כסלו, ווילנע 1893. *מאַכן אַן א, = מאַכן
אַ טומל, נאָכלויפֿן מיט געשרייען. “קוים האָט
זיך בנימין געוויזן אויף דער גאַס, זענען אים
ווײַסע־חבֿרה נאָכגעלאָפֿן...אים געמאַכט אַן א,
און געשריגן: פּיפּערנאָטער, לינדנוואָרעם!,,,
ממוס, מטעות.
אָוראָ — די, ־ס. < איי < ל, גר פֿרגל
.
אוירע. (מעדיצין) צושטאַנד פֿון שאַרפֿער
שפּירעוודיקייט בײַ מענטשן וואָס לײַדן פֿון
היסטעריע אָדער עפּילעפּסיע און איז פֿאַר זיי
אַן אָנזאָג אויפֿן נאָענטן אָנפֿאַל. „אַמאָל פֿילט
דער מענטש אַ מין אָנזאָג אַז עס קומט דער

אָנפֿאַל; דאָס ווערט אָנגערופֿן אַ',, פֿגעז,
וויל,
נע 9 1925, No.
אוראָבילי'ן — דער. געלבלעכער,
ברוינלעכער פּיגמענט וואָס גיט צו ספּעציפֿיש קאָליר
צו אורין און צואה.

אוראַגאַ'ן — דער, ־ען. < איי < שפּא
< אינדיאַניש. אויך: הוראַגאַן, בּוריקאַן,
אַרקאַן. שטאַרקער שטורעמווינט אין
וואַרעמע געגנטן. ווירבּלווינט ווען עס טרעפֿן זיך
צונויף ווינטן פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען. אַן
א, קומט מיט בּליצן, דונערן און רעגן.
גיכקייט פֿון א, דערגרייכט בּיז אַן ערך 150
קילאָמעטער אַ שעה. די זומערדיקע א'ען. אַ
פֿריירי־א'. בּושעווען ווי אַן א'. „ס'בּרעכט
זיך אָפּ פֿון קייט דער א, און בּײַטשט מיט
לאַנגע בּליצן זײַן געשפּאַן,,, יהואָש, ,דאָס
ניט־געזונגענע ליד'. „ווי מע קאָן ניט פֿאַרמײַדן
קיין שטורעם, ווי מע קאָן ניט אויפֿהאַלטן
קיין א'", קאָר I. „נאָך אַלה גרויזאַמה
אָרקאַנין...", מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תצ"ד.
אוראָגעניטאַ'ל — אַדי. וואָס איז פֿון (איז
שייך צו) אורינאַרע און געניטאַלע,
געשלעכטלעכע אָרגאַנען און זייערע פּראָדוקטן. אויך
מיט: ־יש.
אוראָגעניש — אַדי. וואָס בּרענגט אַרויס
אורין. א'ע מיטלען.
או'ראָד — דער, ־ן. רוסיצ. פֿאַרזעעניש;
עקלדיקער בּעל־מום; זייער מיאוסער,
אָפּשטויסנדיקער. אַ בּעטלער אַן א,. אַ מענטש אָן אַ

בּרעקעלע יושר, אַן א'.

אוראָ'ד — דער, ־ן. < ווער, רוס. [אין לשון פֿון ישובֿניקעס] גערעט(עניש), אוראָדזײַ, אוראָזשײַ. עס איז געווען גענוג רעגן און עס ווײַזט אויף אַן א..

אוראָדזײַ — דער, ־ען. < פּויל. אויך: אוראָדזאַי. גערעטעניש [שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין פּד].

אוראָדזשינעס — די. במ. סל. < פּויל. געבוירנטאָג. אָפּמערקן א.. פּראַוּוען א'. בּרענגען מתּנות צו די א'.

אוראַדניק — דער, ־עס. < ווער, רוס. אויך: אוריאַדניק. 1. (פּראָווינציעלער) פּאָליציסט פֿון נידעריקן ראַנג; סטראַזשניק (אין צאַרישן רוסלאַנד). „בּײַ אונדז פֿאַראַן אַ ראַבּינער און להבֿדיל אַן א', אַ פּראָטאָקאָל מוז מען מאַכן...,,, שע, אָרעמע און פֿריילעכע 2 .I. אונטעראָפֿיציר אין קאָזאַקן־מיליטער (פֿון צאַרישער אַרמיי).

אוראַוונילאָווקע — די, ־ס (זן). סאָוו. סיסטעם פֿון אויסגלײַך אין געצאָלט און סטאַטוס פֿון פּראָסטע אַרבּעטער מיט פֿאַכלײַט אין ערשטער תּקופֿה פֿון סאָוועטישער מאַכט [אין שפּעטערע דרײַסיקער יאָרן געניצט איר]. „אָבּער

אויך אין דער דאָזיקער גאָר גראָבֿער א,...
שטעכט די אויגן די אומגלײַכהייט,,, ח.
שורעך, פֿאָך, 28 1965 XI.

אור(־)אור־ — ← אור־. דאָס פֿאַרטאָפּלען דעם
פּרעפֿיקס הייבט אַרויס אַז עס איז גאָר־גאָר
אַלט, גאָר לכתּחילהדיק, בראשיתדיק, קדמונדיק.
סובֿ. אויך: אור־אוראַלטע רעשטלעך פֿון

פֿריִעראוראיינן

דיקע געאָלאָגישע תּקופֿות. ,,און הויך אויפֿן
כּרמל אין שפּור פֿון א׳־א׳,,, הל, לידער צום
אייבּיקן.

אור.אוראייניקל — דאָס, ־עך. קינד פֿון
אַן אוראייניקל. אייניקל פֿון אַן אייניקל. אפֿרים
און מנשה זײַנען געווען די א׳עך פֿון אַבֿרהם
אָבֿינו. אויך: אור־אור־אוראייניקל —
מיט אַ דור שפּעטער ווי א׳.

אור־אורעלטערן — די. בּמ. ווײַטע פֿריִערדיקע
דורות. אָבֿות, עלטער־עלטערן. ,,בּײַ יעדן ייִדן
איז טײַער זײַן אָפּשטאַמונג. מיט דעם טיפֿסטן
נשמה־געפֿיל אַכט ער זײַנע א׳־א׳,,, לדבֿ, נ״י
1957. ,,אין דער שטובֿ וואָס שטייט...אויף
דעם זעלבן אָרט, וואו די קדושים, זײַנע א׳־א,,

האָבן געוואוינט,,, ליטוו. ,,דאָס קומט פֿון אַ
גאַנץ אַלטן נאַטירלעכן פֿאַמיליע־פֿעלער, נאָך
פֿון די א'־א',,, ירמי, יוסף אַקאָבזאָהן, המאיר
י
לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
אוראָזשײַ — דער, ־ען. < אוק, רוס. אויך:
אוראָזשאַי. גערעט(עניש); אוראָדזײַ,
אוראָ'ד. פֿריילעך ווי אין אַ גוטן א, (פּאָד).
,,אָט רעדט מען פֿונעם א', אַ גערעט אויף
ווייץ און אויף האָבער,,, שע, אײַזנבאַן־
געשיכטעס.
אוראַזשען — טרוו. ־זשע, אוראַזשעט. סל.
< פּויל. אָנרירן אַ ווייטיקדיק אָרט. ,,האָסט
מיר אוראַזשעט מײַן צעקאַליעטשעטן פֿינגער,,,
רייד.
אוראַ'ט — דער, ־ן. (כעמיע) זאַלץ פֿון
אורין־זײַערס. ,,די אָנגעוויזענע זאַלצן זײַנען פֿון
פֿאַרשיידענע מינים: אייניקע באַשטייען פֿון א'ן
(זיי שטאַמען פֿון ווײַסל־שטאָפֿבײַט)...אין
ענגלאַנד, וואו מען עסט אַ סך פֿלייש, [זײַנען]
דאָ אַ סך פֿאַלן פֿון א'־שטיינער [אין די נירן],,,
פֿגעז, ווילנע 4 1936, No.
אוראַטאָם — דער, ־ען. נעאָל. סאַמע
ערשטער, יסודיקסטער אַטאָס, וואָס פֿון אים

אַנטוויקלען זיך די שפּעטערדיקע אַטאָמען. „דער יסוד, דער א, [פֿון אַ ווערק]...פֿון יעדער ליטעראַרישער שאַפֿונג — דאָס וואָרט — ווערט פֿון יעדן איינעם אויפֿגענומען גאָר אויף אַ באַזונדערן אופֿן,„ שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.

אוראַטניק — דער, ־עס. פֿטמ. דזוו אוראַדניק פֿאָטער מײַן ליבער, איך קען צו דיר ניט קומען, סטרינסקי דער א, האָט מיר צוגענומען,„ פֿל (שוקיאַן, קאָוונער ג,). „איך וועל בענקען נאָכן סטאַראָסטע מיטן א',„ שע, טבֿיה.

אוראייביק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אין תּוך פֿון קדמונים אָן אייביק. „קומט די ווײַס, קייט אַליין, קומט דאָס א'־ווײַסע,„ צײַט, מטטרון.

אוראייגן — אַדי. וואָס איז אייגן פֿון די עלטסטע צײַטן אָן, מלכתּחילה, עיקרדיק אייגן. א'ענע שטריכן פֿון דעם מענטשנס איך. „דעם קינסטלערס געשטאַלטן זײַנען אַלע זײַן באַשאַף, אָבער...נישט אַלע האָט ער אָנפֿאַרטרויט עפּעס פֿון זײַן תּמצית פֿון זײַן א'ענער כּוונה,„ ,

ש. ביקל, פנקס...ייִד, ליטעראַטור, נ,,י 1965.

אודאײנהייט

אוראײנהייט — די, ־ן. דאָס וואָס איז אַן
אײנהייט פֿון אָנהײבּ אָן פֿון קדמונים אָן.

,

די א, פֿון אַלע כלומרשט אָפּגעזונדערטע זאַכן
און דערשײַנונגען.

אוראײַנוואוינער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־ס.
גאָר ערשטער אײַנוואוינער פֿון אַ באַשטימט
אָרט. ,,זײַנען טאַקע די עסקימאָס די א'ס פֿון
ווײַטן צפֿון?,,.

אוראייניקל — דאָס, ־עך. זון אָדער
טאָכטער פֿון אַן אייניקל. יוסף איז געווען אַבֿרהם

אָבֿינוס א'. דעם צדיקס אַן א'. ‏בּ פּאַרטײַטשט
'נכד': ,,אור עניקל‘‘. ,,עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ
יונגערמאַן, פֿון ,מגלה עמוקות, [קבּלה־ספֿר
פֿון ר, נתן שפּירא, אבֿד‘‘ק קראָקע] אַן א',
איז ער גאָר פֿײַער‘‘, אַמעריקאַנישע גליקן,
וואַרשע 1895.

אוראינזעקט — דער, ־ן. פּפֿ: ~אינסעקט.
דער מין אינזעקט וואָס פֿון אים האָבּן זיך
אַנטוויקלט אַלע אַנדערע מינים אינזעקטן.

אור אין־סוף — [אָר איין־סאָף] דער. בא. תּח.
1. דאָס אומענדלעכע ליכט. ← אור, בּ1.
אויך אַן אַטריבּוט פֿון גאָט. 2. (קבּלה) דאָס
ליכט וואָס האָט אָנגעפֿילט דעם יש, די מציאות.
די הוויה, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבּן דער
פּראָצעס פֿון אַצילות (←) [לויט קבּלה איז
ניט געווען קיין ליידיקער חלל, נאָר אַלץ איז
געווען פֿול מיט א, א,־ס, אָדער מיט
אורעליון; ווען עס איז געווען די מחשבֿה פֿון
רבּש,,ע צו בּאַשאַפֿן די וועלטן, האָט ער מצמצם
געווען דאָס ליכט, דורכדעם איז געוואָרן אַ
ליידיקער חלל אויף צו בּאַשאַפֿן די וועלטן.]
,,ממשיו צו זײַן א, א'־ס, בּ,,ה אין
כּנסתישׂראל...עס זאָל זײַן 'אחד בּאחד, דווקא,,,
תּניא, מא. ,,מע דאַרף זיך אָנטאָן תּענוג
אינדערוואָכן בּײַם דאַוונען, צו דערהערן דעם א,
א'־ס, בּרוו הוא, און אום שבּת ויום־טובֿ
אַפֿילו אין עניני מאכל ובּגדים,,, בּן ציון בּר,
יוסף יהודא מהערסאָן, צדה לדרך, פּיעטריקאָוו
.1905
אוראָכראָ'ם — דער. < איי < גר. (
בּיִאָכעמיע) געלער פּיגמענט וואָס פֿון דעם נעמט
זיך דער געלבּלעכער קאָליר פֿון אורין.
אוראַ'ל — דער. גנ. נאָמען פֿון אַ קייט בּערג,

אַ געגנט, אַ טײַך. אָנגענומענע גרענעץ צווישן
אייראָפּע און אַזיע. א'־בּערג. ־ער — אַדי.
א, בּערג, א, בּאַרגרוקן. א, געבּיט.
אוראָלאָגיע — די, ־ס. טייל פֿון דער
מעדיצינישער וויסנשאַפֿט וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן
פֿאָרשן אורין און ורינאַרע אָרגאַנען מיט
זייערע קראַנקייטן. „א, פֿאַרנעמט זיך מיט
קראַנקייטן פֿון או   ר„, פֿגעז, ווילנע
8 1940, No. א   — ספּעציאַליסט
אויפֿן שטח פֿון אוראָלאָגיע. „ייִנגערע א'ן
זײַנען מער גענייגט צו אָפּעראַציעס ווי זייערע
עלטערע קאָלעגן„, דר, עמנואל פּאַט, טמז,
1962 II י 15. ־גיש — אַדי. „א'ע
אָפּעראַציעס אויף דער ניר און פּענכער„, פֿגעז,
ווילנע 8 1940, No.
אוראַל־אַלטײַאיש — אַדי. וואָס איז פֿון
(שייך צו) די אוראַל..בּערג און די אַלטײַאישע

818

בּערג פֿון צענטראַל־אַזיע. א'־אַ'ע פֿ ע ל ק ע ר
(צו זיי געהערן: די מאָנגאָלן, פֿינען, אונגערן
אאַ). א'־אַ'ע ש פּ ר אַ כ ן — שטעלן צונויף
אַ גרויסע פֿאַמיליע אַגלוטינאַטיווע (←.

אַגלוטינאַציע) לשונות: מאָנגאָליש, טערקיש, אוזבעקיש, קירגיזיש, פֿיניש, עסטיש, אונגעריש אאַ.

אוד־אַל(ו)הים, — אלוקים, — אלוקי — [אָר עלויהים, עלויקים] דער. בא. אויפֿן סמך פֿון 'אור ה״', ישעיה, ב, 5. 1. דאָס געטלעכע ליכט, דאָס ליכט פֿון גאָט. ← אור, ב2. 2. דאָס דערקענטעניש פֿון געטלעכקייט. „מלמעלה זאָגט מען אים: ווילסטו זײַן אַ משׂכּיל [אין חבדישן באַגריף] — זײַ אַ משׂכּיל, קיין א, אלקי גיט מען ניט" [דה מע דאַרף אַליין זיך דערהייבן, זיך דערהאָרעווען צו דע], לדב, 254. 3. דאָס אינטואיטיווע דערפֿילן אָדער איבערלעבן געטלעכקייט. א׳־א, בײַם למד־וואָוו.

אוראַלט — אַדי. 1. זייער אַלט, לאַנג־פֿאַרגאַנגען. „הער איך פֿון א'ע צײַטן שטראַליקע, א'ע רייד„, אַל III. „רעליגיאָן איז פֿון א'ע צײַטן געווען פֿאַרבונדן מיט מאָראַל„, זשיט III, נ„י 2 .1912. וואָס ציט זיך פֿון (דורך) אַ סך פֿריִערדיקע דורות. א'ער קידוש־השם. „איר א'ע, אומבאַזיגבאַרע עדות פֿון אומשטערבלעכקייט„, מר יI. „האָט דער א'ער פֿונק אין זיי [די יונגע ייִדן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד] זיך צעפֿלאַקערט„, א. ווײַזעל פֿאָר,

׳

XII 1964 17. 3. פּרעהיסטאָריש, וואָס קומט פֿון דער אורצײַט. „די מיידל פֿון א'ן שטאַם„, אָר, „צו א. ווײַטער'. „ווי בּילדער־געשריפֿטס אויף אַן א'ן היכל„, סוצ, וואָלדיקס. „אַ וואַריאַציע פֿונעם א'ן און פֿאָלקסטימלעכן טאָנישן פֿערז„, ח. ש. קאַזדאַן, ייִשפּ י4 .2 ,X. לגנאי. אָפּגעלעבּט, מער ניט פּאַסיק. „ווי לעכערלעך עס איז ווען בײַ אונדז קנעלן נאָך די אַלטע, א'ע, פֿאַרשימלטע מלמדים און שרײַבערלעך„, שלמה בּאָנדאַרטשוק, אַ בּריעף צו אידישע עלטערען, אַדעס 1913. אויך: אורעלטסטע — „די א, און אומפֿאַרבּײַטלעכע סימנים„, היימיש, אויג.־סעפּט, 1961. סובּ, ד ע ר א'ר, ירמיה העשעלעס.

אוראַלטערטום — דאָס. מצ נבּ. גאָר עלטסטע תּקופֿה (אין געשיכטע).

אוראַלי'ט — דער, ־ן. < אוראַל. טונקל־גרינער מינעראַל, געוויינלעך מיט דינע פֿעדעמלעך, געשאַפֿן זיך פֿון פּיראָקסען. יש — אַדי.

אוראָלי'ט — דער, ־ן. (מעדיצין) שטיין אין די נירן אָדער אין אורין־פּענכער.

אוראַ'ן — אויך אוראַנאָס, וראַנוס.

1. (גריכ, מיטאָלאָגיע) עלטסטער גאָט פֿון
הימל, מאַן פֿון געע (ערד), פֿאָטער פֿון די
טיטאַנען, ציקלאָפּן און די פֿוריעס. זײַן זון
קראָנאָס האָט אים באַזיגט. 2. (אַסטראָנאָמיע)
זיבעטער גרויסער פּלאַנעט. איינער פֿון די
ווײַטסטע פּלאַנעטן (1,800 מיליאָן מײַל פֿון
דער זון), אַן ערך 32,000 מײַל אין דיאַמעטער,
איז 70 מאָל גרעסער פֿון דער ערד, דרייט
זיך אַרום דער זון אין 84 ערדישע יאָרן.
געפֿינט זיך צווישן סאַטורן און נעפּטון.
אַנטדעקט אין 1781.

אוראַניניט

הימלשע קערפּערס ־לאָגיע — לערע וועגן
אוראַנאָ גראַפֿיע — די. באַשרײַבונג פֿון

.

אדר נאָג ס מעסטן הימלשע ק
זיי ־מע

.

ל ג.

טדי — ד

רפּערס.   אַ'□. אוראַנאָ אָ

אוראַנדאָווע — אַדי. < פּויל. 1. מלוכהש, אָפֿיציעל. א, פּאַפּירן. א'ר שנײַדער = וואָס נייט אוניפֿאָרמען פֿאַר מיליטער און באַאַמטע. 2 פֿאַכמענעריש, עכט. „אַ מין מגיד וואָס

.

איז קיין א'ר דרשן, נאָר אַ טאַנדעטנער,„ אמד.

אוראַנדע — די, ־ס. פּפֿ: אורענדע. אַרכ. דזוו אַרענדע. "וכן מן איזה עסק שׂכירות הכנסות לקהל [הקה□] כּגון טשאפּווי ואוראנדאי וטאקסי וקראפּקי,„ שד, פּנקס מדינת ליטא, תּקנות ועד תּכ"ן.

אוראָנהייבּ — דער. לכתּחילהדיקער, סאַמע ערשטער אָנהייבּ, ווײַטסטער אין פֿאַרגאַנגענע צײַטן. „ווען די תּורה דערנענטערט זיך צום סוף, קומען מיר צוריק צום אָנהייבּ, צום א"„ דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 9 X 1959. „שטייגער פֿון סלאַווישן א, אין פֿאַרנעפּלטן עבֿר,„ בּ. רעסלער, טאָג, 27 III 1965. „חכמה ווערט אָנגערופֿן אין קבּלה נקודה קדמאה, דער א־פּונקט", ר, י. ד. סאָלאָווייטשיק, טמז, 1 XII 1961.

אוראָניום — דער, ־ס. כעמישער עלעמענט, שווערער ראַדיאָ־אַקטיווער מעטאַל, וואָס איז

ווײַס ווי ניקל און וואָס מע געפֿינט כעמיש
פֿאַרבונדן מיט טונגסטען, כראָמיום אאַ. ווערט
אַרויסבאַקומען פֿון זעלטענע מינעראַלן. זײַן
סימבאָל □־]ו אָדער □ □ו. זײַן אַטאָמישע וואָג
238. קען מגולגל ווערן אין פלוטאָניום און
אין 235 □ן; געניצט ווי דער קוואַל פֿאַר
אַטאָמישער ענערגיע. „דער אויפֿרײַס פֿון אַ
הידראָגענבאָמבע קומט פֿאָר אין צוויי עטאַפּן: פֿריִער
רײַסט אויף די א׳־באָמבע...„, א. רײנהאַרץ,
צוק, אָקט, 1957. „אָפּמאַך צו שנײַדן די
פּראָדוקציע פֿון א, פֿאַר אַטאָמישער באַוואָפֿענונג„,
בצג, טמז, 23 IX 1964. [אָנגערופֿן אויך א
ור אַ ן. נר. „דער באַוואוסטער פֿיזיקער
בעקערעל האָט טאַקע געפֿונען אַז די מינעראַלן וואָס
אַנטהאַלטן אין זיך דעם זעלטענעם עלעמענט
אוראַן לאָזן אויך אַרויס פֿון זיך
רענטגענשטראַלן“ פֿגעז, ווילנע 1 l924, No.]
אוראַן,
ג ל אָ ז — גרין־געלער מינעראַל וואָס האָט
אין זיו א׳. אוראַן־פּ ע ו — אַרץ וואָס האָט
אין זיך א, (טשעכאָסלאָוואַק□). אוראַניש
— אַדי. א׳ע פֿאַרבינדונגען.
אוראַניזם — דער. האָמאָסעקסואַליזם צווישן

מענער, משכּבֿ־זכר. ־יסט.

אוראַני'ט — דער. יעדער מין מינעראַל וואָס האָט אין זיך אוראַניום. □יש — אַדי. א'ע פֿאָספֿאַטן.

אוראַני'ל — דער, ־ן. די כעמישע פֿאַרבּינדונג □O□Iו וואָס פֿונקציאָנירט אין אוראַנישע פֿאַרבּינדונגען אַזוי ווי אַן עלעמענט. ־יש — אַדי.

אוראַניני'ט — דער, ־ן. מינעראַל וואָס מע געפֿינט אין פּעך־שוואַרצע ערדמאַסן, ס'רובֿ אין אַ קריסטאַליזירטן צושטאַנד. א, האָט אין זיך אָקסיד פֿון אוראַניום, טאָריום, בּלײַ און אויך אַנדערע מעטאַלן. מע קען פֿון אים אַרויסקריגן ריינעם אוראַניום.

אוראַניע

אוראַניע — (גריכ, מיטאָלאָגיע) די מוזע פֿון אַסטראָנאָמיע.

אוראַניש — אַדי. 1. < אוראַניום. וואָס איז פֿון (שייך צו) דעם עלעמענט אוראַניום. 2. < אוראַן. אַסטראָנאָמיש; וואָס איז שייך צו די הימלשע קערפּערס, צום הימל בּכלל.

אוראָנסאַנג — דער. דזוו אוראָנהייבּ. „חכמה
דאָס איז דער בּראשית, דער א, פֿון אַלעמען.
דאָס איז דער מושׂכּל ראשון“, ר, י. ד.
סאַלאָווייטשיק, טמז, 1 XII 1961.
אוראָסקאָפּיע — די, ־ס. דיאַגנאָז פֿון
קראַנקייטן אויפֿן סמך פֿון אַנאַליזירן די אורין.
אוראָסקאָפּ(יסט). ־יש — אַדי.
אוראָפּיגיום — דער. < איי < גר. (
זאָאָלאָגיע) בּיינערדיקער און פֿליישיקער הינטער־חלק
פֿון אַ פֿויגל וואָס דינ□יש — אַדי. א'ע דריז.
ווי אַ בּאַזע פֿאַר די
פֿעדערן פֿון עק ־גיאַ
.
אוראָפּשטאַם — דער, ־ען. סאַמע ערשטער,
לכתּחילהדיקער אָפּשטאַם. א, פֿון דער
זונסיסטעם פֿון די גאַלאַקסן.
'
אור אַצילות — [אָר (אויר) אַצילעס] דער.
בּא. < אור החיים, דבֿרים, כו, 8 (לויטן זוהר).
דאָס ליכט פֿון אַצילות, פֿון דער געטלעכער
עמאַנאַציע, פֿון ערשטן קרײַז, ערשטער מדרגה
פֿון בּאַשאַף. ← אַצילות.
אוראָ'ק — דער, ־ן, ־עס. < רוס. 1.

פּריוואַטע לעקציע.״ער איז זיך היינט מפרנס גאַנץ שיין פֿון א׳ן, וואָס ער גיט אויף דער עלטער שפּאָגלנײַע אָנזעצערס,,, ממוס, טאַקסע. ,,לייענען, איבערזעצן אויף ייִדיש און שרײַבן — דאָס זײַנען געווען די א׳ן,,, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,איז בײַטאָג — איבער שטאָט אויף א׳ן, און בײַנאַכט — אין די אָרעמס פֿון ליד,, פֿײַן, דוד בלאַנק. 2.

היים,

אַרבעט. ,,איך פֿלעג איר צוטרײַבן, אַז זי זאָל מאַכן דעם א׳,,, ש. בעקערמאַן, די קאָרטן וואַרפֿערקע, אַדעס 1888. ,,די א׳עס! — שרײַט ער — געמאַכט די א׳עס?,,, זש, שקלאָווער קינדער. ,,די ברירה איז בײַ אים, צי זאָל ער מאַכן זײַן א׳, צי שרײַבן לידער,,, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט.

3. שעה, צײַט פֿון אַ לימוד אין אַ קלאַס (דערעיקר אין אַ רוסישער שול). ,,דער א, ציט זיך און ציט זיך אָן אַן עק,,. 4. רוסיצ. אָנלערנונג, מוסר־השׂכּל, אויספּיר. ,,דאָס וועט אים זײַן אַן א, אויף קינדס־קינדער״. דער א, פֿון געשיכטע. 5. עקזאַמעו פֿאַר אַ געזעל בײַם אָנגענומען ווערן אין צעך. ,,יעדער אַרבעטער דאַרף פֿריִער זײַן [אַ געזעל] 5 יאָר

אָדער...3 יאָר, דערנאָך דאַרף ער אָפּגעבן אַן
א', ד,,ה ער דאַרף מאַכן אַ שטיקל אַרבעט
פֿון וועלכע די מײַסטערס פֿון צעך זאָלן קענען
אַרויסזען צי ער קען די אַרבעט צי ניין,,,
די ▯כירות, לעמבערג 1896.

אוראָקס — דער, ־ן. 1. סאַמע ערשטער מין
אָקס וואָס פֿון אים האָבן זיך אַנטוויקלט אַלע
אַנדערע מינים אָקסן. ,,וואו איז געווען דאָס
היימלאַנד פֿון א'?,, 2. אויעראָקס (←).
שורהבר.

אוראָרגאַ'ן — דער, ־ען. סאַמע ערשטער,

819

לכתּחילהדיקער אָרגאַן. ,,דער א, פֿון אַ
געוויקס איז אַ בלאַט", צש, פֿגעז, ווילנע 1932,
No 7. ־יש — אַדי.

אוראָרדענונג — די, ־ען. מאַרק ווב. סאַמע
ערשטע, לכתּחילהדיקע אָרדענונג. די א, בײַם
פּרימיטיוון מענטש.

אורבאָבע — די, ־ס. פֿרוי וואָס פֿון איר
איז אַרויסגעקומען דער גאַנצער שטאַם. די
ערשטע פֿון פֿאַמיליע־בוים. ,,אַן א, זיצט וואו
פֿאַרהוילן אין ווײַסקייט פֿון ניסן בײַנאַכט",

אַל I.

אורבּאַגרי□ — דער, ־ן. לכתּחילהדיקער באַגריף וואָס פֿון אים האָבּן זיך אַנטוויקלט שפּעטערדיקע באַגריפֿן. „ניין, אַזאַ אורטייל קאָן דער א, (מושׂכּל ראשון) ניט אָננעמען„, מבּ„ס, הוגה דעות I, ווילנע 1912. „פֿון די פּרימיטיווסטע א'ן בּיז צו די העכסטע אידייען„, א. גאָלאָמבּ, אייבּיקע וועגן פֿון אייבּיקן פֿאָלק.

אורבּאַדינג — דער, ־ען. סאַמע ערשטער, וויכטיקסטער באַדינג. „די קעגנזײַטיקע הילף איז טאַקע געווען די קדמונותדיקע קאָנדיציע, דער א, פֿון יעדן מין...קיום־אויפֿהאַלטונג„, פֿאַש, 1948 □ 28.

אורבּאַטײַט — דער, ־ן. סאַמע ערשטער, לכתּחילהדיקער באַטײַט. א, פֿון אַ שורש. ־יק — אַדי.

אורבּאַ'ן — אַדי. < אײ < ל. 1. שטאָטיש, גרויסשטאָטיש. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן לעבּן אין (גרויס)שטאָט. 2. פּאָלירט; ראַפֿינירט (ווי אַ היפּוך צו דאָרפֿיש, פּויעריש). זיך באַנעמען אויף אַן א'עם אופֿן. אויך א'יש.

אורבּאַניזאַציע — די, ־ס. אורבּאַניזירונג. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אורבּאַניזירן. אָן גוטער קאַנאַליזאַציע איז ניטאָ קיין א'.

א, פֿון דער באַפֿעלקערונג =
אַריבערוואַנדערונג פֿון דערפֿער און שטעטלעך אין שטעט.
,,דער פּראָצענט שטאָטישע באַפֿעלקערונג לגבי דער גאַנצער באַפֿעלקערונג — די מדרגה פֿון א', פֿון פֿאַרשטאָטיקונג‘‘, י. לעשטשינסקי, ייִבל XX, 1. ־אַטאָר — ווער עס העלפֿט אורבאַניזירן.
אורבאַניזירט — אַדי, פּאַר אורבאַניזירן. ←
דוווו. א'ע אַדמיניסטראַציע, א'ע פֿירונגען.
־קייט — ,,שטעט וועלכע גיבן אַ קלאָרע פּאָרשטעלונג וועגן דער מדרגה א, אין פֿאַרשיידענע לענדער,,, י. לעשטשינסקי, ייִבל XX, 1.
אורבאַניזירן — טרוו. ־זיר, ־ניזירט. 1. מאַכן עס זאָל ווערן שטאָטיש, קריגן דאָס אויסזען און דעם באַראַקטער פֿון שטאָט. א, און אַרײַנפֿירן מאָדערנע פֿאַרקער־מיטלען. א, דורך הויכע, פֿילגאָרנדיקע בנינים. 2. אַריבערפֿירן קאָנטיקן טייל פֿון באַפֿעלקערונג פֿון דערפֿער און שטעטלעך אין שטעט. ,,מאָדערנע טעכניק איז דער גרויסער כּוח וואָס אורבאַניזירט,,. 3. אַרײַנברענגען שטאָטישע לעבנספֿירונגען. א, און צוגעוואוינען צו גיין אין טעאַטער, צו באַזוכן מוזייען, צו פֿילן זיך פֿרײַ צווישן אַ גרויסן

עולם, צו קריגן אײדעלערע מאַנירן. 4. אַרײַנפֿירן (גרויס)שטאָטישע מאָטיוון אין קונסט, ליטעראַטור. מיט ז י ך — אַריבערקלײַבן זיך

אורבילד

אין אַ שטאָט און (אָדער) אָנהייבן לעבן אויף אַ שטאָטישן שטייגער. ,,ייִדן האָבן גיך זיך אורבאַניזירט,,, רייד. ,,ביז ער, דער דאָרפֿסמענטש, ווערט אַליין שטאָטיש, אורבאַניזירט זיך, און וויל אויך אַרומגיין מיט ווײַסע הענט", בצג, טמז, 8 1962 I. ־ונג — ,,דער טעמפּ[אָ] פֿון דער א, איז אין פּוילן זייער אַ פּאַמעלעכער", י. לעשטשינסקי, ייִבל 1 ,XX.

אורבאַניזם — דער, ־ען. 1. שטריך אָדער סכום שטריכן פֿון (גרויס)שטאָטישן לעבן. 2. אײדלקייט, ראַפֿינירטקייט, עלעגאַנטקייט. 3. שיטה, טעאָריע אָדער באַוועגונג אַז עס איז נייטיק דער אַריבערגאַנג אין (גרויסע) שטעט און דאָס אײַנפֿירן כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון שטאָטישן לעבן. 4. אין קונסט — דאָס אַרײַנברענגען כאַראַקטעריסטישע שטאָטישע מאָטיוון פֿריִערדיקע אויפֿטואונגען אַשס

. ,,

זײַנען דערפֿירט געוואָרן צו אַ ווײַטערדיקן פּונקט...אויף אַ העכערער מדרגה — אַשטייגער דער א'", שנ, שלוס אַש.
אורבאַניטעט — די, ־ן. שטריך אָדער אייגנשאַפֿט פֿון זײַן, לעבן, זיך פֿירן אורבאַן. אורבאַנישקייט. זיך חידושן אויף די א'ן פֿון געוועזענעם קליינשטעטלדיקן בחור.
אורבאַניסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. ווער עס איז אַן אָנהענגער פֿון אורבאַניזם.
אורבאַניסטיש — אַדי. גרויסשטאָטיש. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער גרויסער שטאָט, שפּיגלט אָפּ גרויסשטאָטישקייט. „מאַני לייבס ליד איז א'. איר מוזט האָבן אין זיך די גרויסשטאָט ווי דעם הינטערגרונט פֿאַר זײַן ליריק,„, מאַנ, נאָענטע נעשטאַלטן. „ברייט־שורהדיקע א'ע פּאָעמען", ש. ביקל, רומעניע. „לייענט פּרצעס אייגענעם נוסח פֿון 'מאָניש', וועט איר זען... דעם אָנהייב פֿון הײַנטיקן, מער שטאָטישן, מער א'ן, מער אײַליקן...פּרצישן סטיל,„, שנ, דעקצײַלעדס און ראָמאַניסטן I.
אורבאַקאָנט — אַדי. וואָס איז באַקאָנט פֿון סאַמע לכתּחילה, פֿון דער אורצײַט אָן. „אין א, צוזאַמען", ימ איבז, טאָמאַס מאַן, טאָניאָ קרעגער.

אורבּאַשאַף — דער. מצ נבּ. סאַמע ערשטער, לכתּחילהדיקער בּאַשאַף. דער א, פֿון דעם תּוהוובֿוהו.

אורבּאַשאַפֿונג — די. ← דפֿוו. „ווען דער מענטש איז מבֿדיל בּין אור לחושך, איז ער אויך אַ שותּף צו א', צו מעשׂה בּראשית‟, ה. זײַדמאַן, טמ□, 26 X 19□2.

אורבּאַשעפֿעניש — דאָס (די), ־ן. אוראַלט בּאַשעפֿעניש וואָס פֿון דעם האָבּן זיך אַנטוויקלט שפּעטערדיקע מינים. „פֿון יענער א, וואָס האָט געלעבּט אין ים צוריק מיט אומצייליקע יאָרן‟, ראָזאַ גוטמאַן, צוק, מײַ־יוני 1965.

אורבּילד — דאָס, ־ער. דאָס עלטסטע, לכתּחילהדיקע בּילד. ס'ערשטע בּילד וואָס פֿון אים אַנטוויקלען זיך שפּעטער אַנדערע בּילדער. אַן א, פֿון אַ הייל־מענטשן. „אין דער סיריש־בּיזאַנטינישער לעגענדע וועגן טעאָפֿיל וואָס האָט זיך פֿאַרקויפֿט דעם שׂטן — דאָס א, פֿון פֿאַוסט‟, מתּתיהו

אורבּי עט אָרבּי

מיזי□, ייִבל 1□2, XIII. „די פּאָעזיע פֿון אַ וועלט, וואו דאָס בּילד פֿון איצט און דאָס א, פֿון פֿריִער איז אַ פֿאָרבּילד פֿון שפּעטער‟, שנ, ה.

לייוויק.
אורבי עט אָרבי — פּראַזע. ל. urbi et orbi[ו
= אין דער שטאָט [רוים] און דער וועלט פאַר
.
אומעטום פאַר אַלעמען. אַלע זאָלן וויסן. [די
,
פויפּסלעכע בולעס (מעלדונגען, דעקרעטן) האָבן
געהאַט אין זיך די פראַזע צו ווייזן אַז דעם
פויפּס, ברכות אָדער צירקולאַרן זיינען געווענדט
צו אַלעמען.] לאָזן וויסן, מעלדן א, עט אָ'.
פובליקירן עפּעס א, עט אָ'. „דער הויפּט פון דער
קאַטוילישער קירך...האָט געלאָזט וויסן דער
ברייטער וועלט א, עט אָ, אַז...„, טמז, 25 ‎I 1965.
אורבליצלינג — אַדי. אַרכ. דזוו פלוצלינג,
פלוצלונג, פלוצעם. אומגעריכט. „א', אונ פר
זונן [אומפאַרזונען ←] פינף הונדרט קינדר צו
גפינן אין ברונן„ פון אַ קינה אויף כמעלניצקיס
,
גזירות. „וואז איז...דער מער דאז איר אייך אַזו
א, האָט אַנדרש גיוועגט“, ספר משלים פפדמ
,
1686. „א, איז די שמועה קומין דאז דאש שיף
...איז אונטר גאַנגן„, בראַנט. „א, קומן דיא צרות

דורך די אומות אַלשׂ וויא איין אשה דיא א,
גווינט,,, מהמ, ד/ב. ,,א, לאָזט זי דער מלך רופֿן“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796.
פּפֿ: אורבּליצלונג. ,,זײַנן זיי א, איבּר
אים גשפּרונגן אונ, האבּן אים גטיט,,, יוסיפֿון,
פֿיורדא 1764. מ און בּאר משה פֿאַרטײַטשן
'בּפֿתע פּתאום, (בּמדבּר, ו, 9): א'. ,,מיר זעהן
זוא פֿיל די אַזו א, שטערבּן אָן תּשובֿה“, לט1,
לה/א. אויך: אורבּלוצלונג. ,,דו זעלשׂט ניט
א, אין דײַן הויז גיאן, נאָך פֿיל וויניגר אין
דײַן חבֿרשׂ הויז“, ר, אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך
אַבֿרהס, לאַטש 1817. אויך:
אורבּליצלעכן, אַרבּ עצ עך. ,,דען דאז איזט בּעו“ה
[= בּעוונותינו הרבּי] זוא איין אור בּליצליכני
מבּה גיוועזין,,, גה, 200.
אורבּע

בּעל־חיס. קדמונדיקסטער,
פּשוטל־הי —...בּאַלכײַ,] דער, ~בּעלי־חיים.
פּפֿ: ~
סטער מין צווישן בּעלי־חיים. ,,דאָס ערשטע
לעבּעדיקע קעמערל וואָס איז געווען דער א'“.
אורבּראשית — [...בּ(ע)ריישיס] דער. מצ נבּ.
אוראָנהייבּ. אורבּאַשאַף. ,,די ווילדסטע און

פֿינצטערסטע געטער פֿון אַ בלוטיקן א'", ייִט,
פוילן II .
אורגאָלד — דאָס. מצ נבֿ. זייער אַלט גאָלד.
גרין ווי אורקופּער, רויטלעך ווי א'.
אור גדול — [אָר (אויר) גאָדל] דער, ־ים (אורות ־ים (בֿ2). < ישעיה, ט, 1. גרויס ליכט, גרויסע ליכטיקייט. 1. ישועה, דערלייזונג, גאולה. דערלעבן דעם א, ג'. 2. גרויסע פּערזענלעכקייט, גאָון. אַן א, ג, אין לערנען. ספּעצ גרויסער צדיק (בײַ חסידים). ,,צו די חסידים און צום רבֿ זאָלסטו גיין און זאָלסט זאָגן בזה הלשון: עס איז דאָ אַרום אײַך אַן א, ג,, עס איז רעכט, איר זאָלט אים ברענגען אין שטאָט אַרײַן,,, קהל חסידים, לעמבערג תּרל,,ה. 3. זעאונג פֿון גרויס ליכט(יקייט). ,,האָט דער בע,,ש דערזען אויף איין קבֿר אַן א, ג'. איז ער געגאַנגען זען דאָס קבֿר, איז אויף דער מצבֿה אָנגעשריבן משה עבֿד ה',,, שבֿחי בעשט,

זשאָלקעוו תּר,,י. אויך: אור הגדול — ,,קאַן ער ניט זוכה זײַן צו קומען צו דעם א, ה, פֿון די שכינה,,, עח, סז, 2.

אורגוואַלד — דער, ־ן. לכתּחילהדיקער, סאַמע ערשטער אָנוווענד פֿון בגוואַלד, פֿון כּוח. „נאַכט פֿון...א, פֿון צעוועקטן„, אַל II. „דאָס טאַנצן...האָט געהאַט אַ סינאָנים: טאַנצן און א, איז איינס און דאָס זעלבע“, אָ. דימאָוו, צוק, מײַ 1956.

אורגלוסט — דער, ־ן. עלטסטער גלוסט, יסוד וואָס פֿון דעם וואַקסן אַרויס כּלערליי גלוסטענישן. „נאַכט פֿון א'ן, פֿון אורגוואַלד פֿון צעוועקטן“, אַל II.

אורגעבוירער — דער, ־ס. סאַמע ערשטער וואָס מאַכט געבערן. לכתּחילהדיקסטער גורם. א, פֿון דער שפּעטערדיקער קייט דורות. „איז דאָ אַן א, פֿאַר באַוועגונג?„.

אורגעבורט — די, ־ן. סאַמע ערשטע געבורט. לכתּחילהדיקסטער אָנהייב פֿון אַ שפּעטערדיקער קייט, פֿון אַן אַנטוויקלונג. „די שיינקייט זײַנע, וואָס איר א, איז אין די צוזאַמענגעפֿלויגענע פֿאָלקס־פֿייגל, די ייִדישע פֿאָלקסלידער„, יג, תּוך.

אורגעדיכט — אַדי. זייער געדיכט, אַזוי ווי בײַם סאַמע אָנהייב פֿון צײַטן, ווי בעת מעשׂה בראשית. אין א'ן דזשאָנגל. אויך סוב. „אין א, ביסטו, פֿאַריאושטער, פֿאַרקראָכן, אַרום איז

אײבֿיק נאַכט„, חג, שײַן פֿון פֿאָרלאָשענע שטערן.

אורגעוואַלט — דער, ־ן. ← אורגוואַלד. "מיט מאַכט אַנטדעק איך וואָס זי האַלט פֿאַרבאָרגן, מיט שטורעם און מיט א, צי איך דורך איר„. י. באָוושאָווער, געקליבענע לידער.

אורגעוויין — דאָס, ־ען. פּרימיטיוו און אוראַלט געוויין. „וועט ווי אַ וואַלד אין חושך בּרומען — דאָס א, פֿון מאַלפּע אויפֿן צווײַג„, מלה, ‚קעניג שלמה‚.

אורגעוויקס — דאָס, ־ן. סאַמע ערשטער מין געוויקס וואָס פֿון אים אַנטוויקלען זיך די אַנדערע, שפּעטערדיקע מינים געוויקסן. „וואו איז אויפֿגעקומען דאָס א'?„.

אורגעזעץ — דאָס & דער, ־ן. דאָס סאַמע ערשטע, לכתּחילהדיק(סט)ע געזעץ. די א'ן פֿון פֿאַמיליע־לעבן בײַ די פּרימיטיווע שבֿטים. א'־געבער. ־לעך — אַדי.

אורגעשטאַלט — די, ־ן. די עלטסטע, לכתּחילהדיקע געשטאַלט. די א, פֿון דעם שפּעטערדיקן העלד אין אַ ווערק. די א'ן אויף די ווענט פֿון הייִלן. ־יק — אַדי.

אורגעשיכטע — די, ־ס. 1. געשיכטע פֿון אורצײַט. די אומבאַקאָנטע א, פֿון דער

מענטשהייט. 2. סאַמע עלטסטער נוסח פֿון אַ
געשיכטע; דאָס דערציילערישע קערנדל וואָס
פֿון דעם האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט אַ סעריע
געשיכטעס. „די פּאַראַלעלע מעשׂיות האָבן עפּעס
אַן א,“.
אורגרונט — דער, ־ן. 1. סאַמע ערשטער
גרונט; טיפֿסטע שיכט פֿון ערד. קדמון־גרונט.
אַ בלויז שטיינערדיקער א'. 2. סאַמע ערשטע
סיבה. „הערמאַן קאָהען וויל אויסטײַטשן אַז

אור הגנוז

אין דעם דאָזיקן [דעם רמבמס] א, באַהאַלט
זיך די פּלאַטאָנישע אידייע פֿון אומגרונט„,
קאָר I.
אורדו — דאָס. די א'־ש פּ ר אַ ך. איינע פֿון
די מערבֿ־הינדי־שפּראַכן, גערעדט פֿון
מוסולמענער אין אינדיע און אָפֿיציעלע שפּראַך פֿון
פּאַקיסטאַן. „דער פּאַקיסטאַן־פּרעזידענט האָט
גערעדט אין דער א'־שפּראַך„, טמז, 9 l959 XII.
„אין דער איינציקער שול...אין גאַנץ
פּאַקיסטאַן, [וואו] דער אויפֿשריפֿט איז אין ענגליש,
אין א, און אין בענגאַליש“, פֿאָר, 26 1961 IX.
אורדונער — דער. מצ נבֿ. נעאָל. „...פֿונעם

א, וואָס איבּער אים האָט געקנאַלט", אפֿא, וואָך
איז דער סטעפּ.
אורדור — [...דאָר] דער, ־ות [דוירעס]. (סאַמע)
ערשטער דור וואָס פֿון אים הייבּט זיך אָן אַ
קייט דורות. דער מדבּרדיקער א'.
אורדיאַלע'קט — דער, ־ן. (סאַמע)
ערשטער דיאַלעקט וואָס פֿון אים אַנטוויקלען זיך
די אַנדערע, שפּעטערדיקע דיאַלעקטן. ,,
מזרחיידישער א',,, דניאל לייבּל, זאַמלהעפֿט אונזער
לעבּן, וואַרשע 1921. "אויבּ דאָס פּוילישע ייִדיש
איז ניט געווען דער א'...,,, מון, שטאַפּלען.
אורדע — די, ־ס. < מאָלדעוואַניש, אויך רומ.
זיסער געפּרעסטער קעז, געמאַכט פֿון
שאָפֿנמילך (שאָפּנמילך).
אורה — [אויסלייג פּסעוודאָ־לשון־קודשדיק] דאָס
וואָרט איז אָרע = תּפֿילה. אַרכ. ,,מיר האבּן
תּשובֿה גיטון מיט אַלרלייא פּײַן, מיט פֿשׂטן
און, א,,,, ווינץ.
אורהאָן — ← אויערהאָן.
אור־הבּוקר — [אָר (אויר) האַבּויקע] דער.
מצ נבּ. < שמואל א, יד, 36 אאַ. תּח. ליכט
פֿון פֿרימאָרגן. שפּראָץ אויף טאָג. א,־ה, האָט
דער רבּי זיך געפֿעדערט און איז אַוועק אין
בּית־מדרש. ,,אַז עס קומט דער א'־ה, הייבּן

די אַנדערע אָן צו זאָגן שירה און אַלע כּוכבֿי
הרקיע און אַלע מלאָכים של מטה העלפֿן
זיי שירה זאָגן,,, נוצ I.
אור הגדול של מעלה — ← אור גדול
[...שעל מײַלע] פֿראַזע. דאָס גרויסע ליכט פֿון
אויבן, פֿון הימל; ליכטיקייט פֿון גן־עדן. "דרײַ
מאָל אין טאָג זײַנען [די נשמות פֿון די
גרי◻] זיך משתּעשע אין דעם גרויסן תּענוג
פֿון דעם א, ה, ש, מ',,, נוצ I.
אור הגנוז — [אויר (אָר) האַגאָנוז] דער. לויט
חגיגה, יב/א. פֿאַרבּאַהאַלטן ליכט, פֿאַרהוילענע
ליכטיקייט. 1. ליכט פֿון ששת ימי בּראשית.
ליכט אין איכות און כּמות אַזוי ווי
הקדושבּרוך־הוא האָט עס בּאַשאַפֿן און וואָס איז
צוריקגעצויגן געוואָרן פֿון דער וועלט [איבּער
דעם וואָס עס וועט זײַן אַ דור המבּול און
אַ דור הפּלגה, בּכלל איבּער די רשעים, זיי
זאָלן ניט נהנה זײַן פֿון צו זען אַזאַ ליכט.
דאָס ליכט איז אויפֿגעהיט פֿאַר די צדיקים אין
גן־עדן, לעתיד לבֿוא, ווען די וועלט וועט
בּאַקומען איר תּיקון]. מיטן א, ה, האָט מען
געקענט זען די וועלט פֿון עק בּיז עק. ,,די
צדיקים זיצן און לערנען און האָבּן הנאה פֿון
דער שכינה און פֿונעם א, ה'", שע, פֿונעס

אור־הגנוזדיק

יאַריד I. „אין אַ גרויסן ליכט־אָקיינוס, אין
אַ ים פֿון א, ה', שווימט אַרום דער כסא־כּבֿוד„,
יהואָש, 'איינטאָגיקע מלאָכים'.
2. (קבּלה) פֿאַרהוילענע ליכטיקייט וואָס ווערט
ניט אַנטפּלעקט און איז דאָך פֿאַראַן אין
פֿאָרעם פֿון פֿונקען, ניצוצות, אין אַלץ וואָס
עקסיסטירט. ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פֿון
אַספּקלריא המאירה (←.) און בלייַבט פֿאַרהוילן
פֿון אַלעמען, אַפֿילו פֿון נבֿיאים, לויט זוהר,
תּרומה. 3. ליכט פֿון דער תּורה;
באַהאַלטענער, טיפֿערער מיין פֿון אַ פּסוק פֿון אַ וואָרט

,

אין דער תּורה. „דער בעל־שם איז געווען אַ
גרויסער למדן, פֿון איטלעכן וואָרט פֿון דער
תּורה האָט פֿאַר אים אַרויסגעשייַנט דער א,
ה'„, הרבֿ מ. שוואַרצמאַן, אַמעריקאַנער,
.I l9▯0▯ 3
4. רוח־הקודש, אינספּיראַציע. „איך האָב
פֿאַרשפּעטיקט זיך אין גאַנג...און די געבענטשטע
שעה פֿאַרשפּילט: דעם נס פֿון א, ה'„, הר,
פֿאַרנאַכט. 5. גרויסע, ליכטיקע

פּערזענלעכקייט. צדיק. „— איך פֿאָר? צו מײַן רבין פֿאָר איך! צו דעם א, ה', צו דעם ידיד עליון, צו דעם צלם אלקים, וואָס מיט זײַן השפּעה לעבֿן מיר נאָך אַלע“, מ. ריבֿקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.

אור־הגנוזדיק — ← דפֿוו. אַדי. נעאָל. וואָס איז פֿון אָדער ווי אור הגנוז. „אין ווײַטע פֿרומע וועלטן בלאָנקען זיי, דאָס קאַלטע פּנים שײַנט זיי א'־ה', גלײַך ספֿירות וואָלטן מאַמעדיק־רחמנותדיק מיט ליכט, לעתיד־לבֿא־ליכט באַשאָנקען זיי„, צײַט, גש I.

אורה זו תּורה — [אוירא...טוירא] זאַץ. תּח. < מגילה, טז/ב. ,ליכט איז תּורה,. געניצט מיט בּ: דאָס לערנען באַלײַכט דעם מענטשנס מעשׂים [אויפֿן סמך פֿון אסתּר ח, 16]. „דעם רבינס פּנים האָט געשײַנט בײַם שיעור גמרא, ווײַל א, ז, ת',„. [פֿון מדרש: ווער עס לעתט לײַכט אים די תּורה און פֿאַרהיט אים פֿון אַ מכשול, פֿון אַן עבֿירה.]

אור־ההיים — [אָר (אויר) האַכאַיִים] דער. מצ נבֿ. < תּהלים, נו, 14. 1. ליכט פֿון לעבֿן, לעבנסקראַפֿט. „דער ממונה נעמט אַרײַן [די נשמות פֿון הרוגי בית־דין] אין היכל אוו ער האָט אין זײַן האַנט אַן א'־ה, וואָס ער איז

מלא אורות", נוצ 2 .II. פּירוש אויף חומש פֿון מקובל און פּוסק ר, חיים בר, משה אבֿן עטר (1696־1743). מע האָט אים גערופֿן א, ה, ה ק ד ו ש. ־דיק — אַדי.

אור־ההסירות — [אָר (אויר) האַכ(אַ)סידעס] דער. מצ נבֿ. צבֿ. דאָס ליכט (עטיק, פֿילאָסאָפֿיע, לעבֿנספֿרייד) פֿון חסידות. ,,[חסידות] האָט געעפֿנט בײַ יעדערן פֿענצטער אין זײַנע אייגענע פֿינצטערע ווינקלען אויף באַלײַכטן זיי מיט א־ה,", לדבֿ, 98.

אור־היום — [אויר־האַיוים, אָרהאַיאָ'ם] דער. צבֿ ['אור יממא', פּסחים, ב/א]. 1. תּח. טאָגליכט. ,,קוים זיך דערוואַרט דעם א־ה, צו רופֿן דעם דאָקטער", רייד. [פֿאַראַן מצוות וואָס מע קען זיי מקיים זײַן נאָר בײַ א־ה,, למשל ווי מאַכן די בּרכה ,יוצר אור', בּודק זײַן אַ חלף אאַ. דערפֿון] איר ,,אָפּהיטן די מצוות פֿון א־ה'"

= קנאַפּ וואָס אָפּהיטן מצוות; ,,ווי האָט איר געפּסקנט? איז קאָרטנשפּיל נאָר פֿאַר א־ה, אָדער אויך פֿאַר אור הלילה?,, = שפּילט איר אין קאָרטן נאָר בײַטאָג אָדער אויך בײַנאַכט?

2. פֿיג. גאולה, משיחס צײַטן. „און ישׂראל וועלן זײַן בּצרה, דערנאָך וועט זיי הקבֿ„ה דערלײַכטן דעם א'־ה'...און משיח וועט אַנטפּלעקט ווערן“, נוצ II, קצ. “חסידים דאַרפֿן לערנען חסידות בּרבּים...וועלן מיר דערלעבן אין נחת דעם א,־ה',„ לדבֿ, 136.

אורהייל — די, ־ן. גאָר אַלטע הייל. הייל פֿון אורצײַט אָדער פֿאַרן אורמענטש. „די א'ן וואָס אויף מאָדערנער שפּראַך הייסן זיי שטאַטן און פֿאָטערלענדער“, ייִט, פּוילן I ׳ ׳י.

אורהיים — די, ־ען. (סאַמע) ערשטע היים, ערשט וואוינאָרט פֿון אַ גרופּע, שבֿט אע. די א, פֿון די סעמיטן ־יש — אַדי. זיך פֿילן

.

א אַפֿילו אין דער פֿרעמד.

,

-

אור־הנסש — [אָר (אויר) האַנעפֿעש] דער.

דזוו אור הנשמה ׳..

אור.הנר — [אָר (אויר) האַניי'] דער. מצ נבֿ.
< פּסחים, בֿ/א. דאָס ליכט פֿון ליכט(ל).
1. הלכה־טערמין (היפּוך פֿון אור־היום ←) בנוגע אַ צאָל מצוות וואָס בינדן זיך מיט אַ ליכט וואָס ברענט, ווי בודק חמץ זײַן, הבֿדלה מאַכן. 2. שײַן, גלאַנץ, אויסשטראַלונג. „בשעת [די בני־ישׂרא] האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אין זייערע הײַזער, איז געווען דער א'־ה, פֿון דער שכינה“, נוצ II.
אור־הנשמה — [אָר (אויר) האַנ(ע)שאָמע] דער. מצ ־ות ־מות. צבֿ. דאָס ליכט פֿון דער נשמה, דאָס גײַסטיקע, דאָס מאָראַליש־איידעלע, דאָס ליכטיק־שׂכלדיקע אין דעם מענטשן. דער א'־ה, דערהייבט דעם מענטשן, וועקט צו תּשובֿה. „אַז דער גוף איז ריין און לויטער...„לײַכט אין אים דער א'־ה'„, נוצ, לז. „די גרויסקייט פֿון דער ממשלה פֿון דעם א'־ה, אויף דעם גוף“, תּניא, נא. אויך: א, של בוה ה,.
אורהעברעאיש — 1. די סאַמע עלטסטע פֿאָרעם פֿון העברעאיש. „איז אין א, געווען דער מלרע?„. 2. אַדי. וואָס איז זייער אַלט, טיף־פֿאַרוואָרצלט העברעאיש. „אײַנזאַפּן אין זיך אונדזער א'ע ירושה“, יג, איק, 1955.
אור־הקדושה — [אָר (אויר) האַקדושע] דער.

מצ נבֿ. ליכט (אויסשטראַלונג) פֿון הייליקייט.
א׳־ה, פֿון אַ מקום־קדוש, פֿון אַ גרויסער
עטישער פּערזענלעבקייט. א׳־ה, אויפֿן צדיקס
פּנים יום־כּיפּור צו כּל־נדרי. „דורכגענומען מיט
א׳־ה„ זײַנען חסידים צוזאַמען מיטן רבין
געגאַנגען אין גאַזקאַמער“. „אַז די ישׂראל זײַנען
אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, איז דער א׳־ה, ניט
רעכט ליכטיק געוואָרן, בּיז...„, נוצ I. אויך:

.

אור־הקודש. א׳־ה, פֿון שבת, פֿון הייליקן
יום־טובֿ.

אור־השכינה — [אָר (אוי) האַשכינע] דער.
בּא. צבֿ. ליכטיקייט (אויסשטראַלונג) פֿון דער
שכינה. פּפֿ צו דעם אָפּטערן ז י ו ו ה ש כ י נ ה.
עס רוט אויפֿן תּלמיד־חכם (עילוי, צדיק אע)
דער א׳־ה׳. נהנה זײַן פֿון א׳־ה׳.

אודווײַט

אור השׂכלי — [אויר האַסיכל] דער פּראַזע.

.

דאָס שׂכלדיקע (אינטעלעקטועלע) ליכט
פֿעאי.
קייט דורכצודרינגען מיטן שׂכל צו אַ קלאָר
און טיף דערקענטעניש. „זײַ ניט מבֿזה דעם

א, ה,, ער קומט פֿון אור־הנשמה“. ,,ווער עס
איז משתּדל בּתּורה..., ווען ער איז מסתּכּל
אין הימל, רוט אויף אים דער א, ה'‚,, נוצ I.
אויך: אור—השׂכל — ,,דאָס ליכט פֿון דעם
שׂכל וואָס דער בּאַשעפֿער האָט אים [דעם
מענטשן] מיט דעם געאייניקט...און האָט אים
דורך דעם שׂכל געגעבּן אַ גרעסערע מעלה פֿון
אַנדערע לעבּעדיקע בּאַשעפֿענישן,,, חה,
עבֿריטײַטש, ווילנע תּרפּ“ד, שער הבּחינה, פּרק ד.
אור־התוהו — [אויר האַטויהו] דער. בּא.
ליכט פֿון תּוֹהו־ובֿוֹהו, פֿון כאַאָס [בּהסכּם מיט
דער קבּלה־פֿאָרשטעלונג אַז ליכט איז פֿאַראַן
אומעטום, אין גאַנצן י]. דאָס פֿאַרפֿירערישע
אָדער אילוזאָרישע ליכט. “דער א'־ה, ווערט
אין עולם־התּחתּון אָנגערופֿן אפֿילה,, [=
פֿינצטערניש], לדבּ.
אורוגווײַ, — גנ. לאַנד, מדינה אין
דרומאַמעריקע, צווישן טײַך אורוגווײַ און בּרעג
פֿון אַטלאַנטיק, צווישן בּראַזיל און דער
לעפֿצונג פֿון דע־לאַ־פּלאַטאַ. שטח אַן ערך

72,000 קוואַדראַט־מײַל. בּאַפֿעלקערונג אַן ערך
2.8 מיליאָן. הויפּטשטאָט — מאָנטעווידעאָ
(45,000 ייִדן) מיט אַ ייִדישער קהילה, ייִדישע

צײַטונגען, קינדערשולן, אינטענסיוון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אורוואוינאָרט — דאָס (דער), ־ערטער. דאָס ערשטע, עלטסטע וואוינאָרט פֿון אַ גרופּע, שבֿט אע. דאָס א, פֿון די באַנטו־שבֿטים.

אורוואַלד — דער, ־וועלדער. גאָר אַלטער, געדיכטער וואַלד (וואוהין דער מענטש איז נאָך ניט אַרײַנגעדרונגען אָדער האָט דאָרטן גאָרנישט געביטן). „שלאָפֿט אַ נעגער רואיק אין דעם א, פֿאַרזיכערט אין זײַן אויסגעשניצטן

,

געץ,,, דא, 'אויפֿן שיף'. “א, וואָס פּויקט אויס די סודות און פֿאַרלאַנגען פֿון געצן און פֿון שלאַנגען , צײַט, גש I. „צי בין איך אויף אייביק פֿאַרלאָרן אין ווילדוואַלד, אין א'? , הל, בלאַט. .עפּלבוים. “פֿאַרחלומטע פֿערזן וועגן דעם א, זענען אויפֿגעשוואומען אין זכּרון“, גרינ, בלעטלעך פֿון אַ טאָגבוך. ־יק, ־יש —־ אַדי.

אורוואַנט — די, ־ווענט. 1. גאָר אַלטע וואַנט, געבליבן פֿון אוראַלטע צײַטן. 2. פֿעלדזיקע וואַנט פֿון אַ טיפֿן טאָל, פֿון אַ שיפּוע אין בערג, שפּאַלט אין אַ באַרג. „די רעכווע אַרום אַ בראָך (אָבאָימאַ),,, ל2.

אורוואַסער — דאָס, ־ן. דאָס עלטסטע וואַסער. ערשט־באַשאַפֿן וואַסער. „גאָט האָט זיך געשפּיגלט אין די א'ן און געזאָגט: כּי טובֿ„„ ייִט.

אורוואָ — דער, ־ען. סאַמע ערשטער, עלטסטער וואָרצל. א, פֿון אַ מנהג. ־דיק — אַדי.

אורווײַט — אַדי. וואָס איז גאָר ווײַט (אין צײַט). „אַן אַרײַנלעבן זיך אין דעם א'ן פֿאַרצײַטנס„„ צײַט, טמז, 1964 ׳ 17י I. ־קייט.

אורווילד

אורווילד — אַדי. וואָס האָט אין זיך וו׳ לדקייט פֿון אוראַלטע צײַטן. „אָ האַר פֿון תּהומות, באַשיץ! שרײַט א אַרויס ווער פֿון האַרצן“,

,

-

אַל II. ־קייט.

אורווילדעניש — דאָס (די), ־ן. ווילדעניש פֿון אוראַלטע צײַטן אָן, אָן שום סימן פֿון מענטשלעכער קולטור. — „פֿונדעסטוועגן איז

דאָ געבליבן אַן א, ווי דאַן ווען די וועלט איז
באשאפֿן געוואָרן,,, י. פּערלאָוו פּאָר, 1963 ‏יז I.
— —
אורוויקסיק — אַדי. נעאָל. פּפֿ: ~
געוויקסיק. וואָס האָט אַ שײַכות, איז פֿון
אורגעוויקס(ן). "די ייִדן, וועלכע האָבן געוואוינט
אין ליטע, האָבן הונדערטער יאָרן געהערט
רוישן די ביימער אין די א'ע וועלדער פֿון
לאַנד,,, ליטע, ווילנע 1914. ,,די ריחות פֿון
וואַלד האָבן פֿײַכט און א, געשטראָמט פֿון די
שטיל־צערוישטע טונקלקייטן", ייִט, פּוילן II.
־יקייט.
אורוועזן — דער & דאָס, ־ס. עיקרדיקסטע
ממשות; עלטסטער, ערשטיקער יש. ,,פֿרויד[ס]
'איבעראיך'...איז ניט קיין בּיִאָפּסיכאָלאָגישער...
א, מיט אייגענער קראַפֿט און מיט אייגענע
אַנטוויקלונגס־געזעצן", גרינ, מענטשן און
ווערטן. ,,אָפּגעריסנקייט פֿון א',,, ש. ביקל, צוק,
יולי־אויג, 1965.
אורוועלדער — מצ. ← אורוואַלד. ,,צווישן
די א, געפֿינען זיך אַפֿילו ערטערווײַז דערפֿלעך
אָדער אַזוי וואוינונגען פֿון מענטשן,,, יונה
טרובניק [איבז], רבי יהודה הלוי, ווילנע 1895.
אורוועלט — די, ־ן. וועלט פֿון אוראַלטער

צײַט. די א, מיט אירע משונהדיקע
באַשעפֿענישן. ־יק — אַדי. ,,דער ים זינגט אַרײַן
אין די בלוטן — א', אוראַלט געזאַנג,,, משה
קנאַפּהייס, אילוסטר, ליט, בלעטער, 90 No־91.
אור והושך — [אויר (אָר) וועכוישעך] פֿראַזע.
< שבת, קנו/א. ליכט און פֿינצטערגיש, טאָג
און נאַכט. אויך: גוטס און שלעכטס,
פּאָזיטיווס און נעגאַטיווס און אַנדערע קאָנטראַסטן.
צונויפֿמיש פֿון אַקעגנדיקע כּוחות, שטריכן,
מידות. עס מישן זיך א, וח'. א, וח, —
אתחלתּא דגאולה און חורבן. א, וה,
משתמשים בערבוביא — [...מישטאַמשים
בעאירבעוויע], אויפֿן סמך פֿון רשי, בּראשית,
א, 4. ד,,ה ליכט און פֿינצטערניש קומען אין
אַ געמיש [ווי בעת די וועלט איז באַשאַפֿן
געוואָרן. רשי מאַכט: ,,ואין נאה לו (= לאור)
ולחשך שיהיו משתּמשים...,,,, עבֿרי־טײַטש צו
מקראות גדולות, בּראשית, ווילנע תּרנ"ט: "עס
איז ניט שיין אַז דער א, מיט דעם ח, זאָלו
משתּמש זײַן געמישט,,, אָבער מע ניצט דעם
זאַץ צו באַצייכענען צונויפֿמיש פֿון
קאָנטראַסטן.]
אורות — מצ פֿון אוֹר ←. ,,דיא תּפֿילה איז
מקבל גרושׂי א, פֿון הקב,,ה", עפּש, דרך

הישר לעולם הבא, [אָרט? יאָר]. קומט אין
פֿאַרשיידענע פֿאַרבינדונגען, למשל:...ההסד
— ליכטער פֿון גאָטס גנאָד. ,,לכתחילה הערשט
אין דעם טאָג נישט קיין חסד, נאָר גבֿורה.
די א, ה, הייבן אָן ליַכטן ערשט שפּעטער,
אין די עשׂרת ימי תּשובֿה. ביז זיי דערגרייכן

זייער פֿולע התגלות אין יום־כּיפּור,,, דר, ה.
זיַדמאַן, טמז, 19 II 1965....של מעלה
— ליכטער פֿון אויבן, הימל. ,,מע האָט ביַי
זיי צוגענומען זייער גרויס ליכטיקייט...זיי
זיינ :ן ר י וועןן

ליכטער פֿון גאָטס רחמנות.
אדע ט ג מיט א, ש, מ',,, נוצ, ל/ב.

... --... ...
,,ניט מיגליך איז צו בּישרײַבן די גרושׂי
ליכטיקייט אונ, די גרושׂי וויַסקייט דיא דא
היישׂן (א, ש, ר')...ליכטר...פֿון אַזו איינם
עולם וואשׂ אייטל (רחמנות) איז“, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט תּק“ח.

אורות תהתונים — [אוירעס טאַכטויני].
'אונטערשטע ליכטער'. (קבלה) פֿאָרמען פֿון ליכט אין דער גשמיותדיקער וועלט, אין דער וועלט פֿון נוגה. „עס זײַנען צווייערליי אורות: די אורות של מעלה הייסן מאורי־אור און די א, ת, הייסן מאורי־אַש. די ממונים מאוריאש — איז זייער שליטה אַ גאַנצע וואָך. דערום אַז דער שבת גייט אַוועק, מאַכט מען די ברכה 'בורא מאורי האש,“, נוצ, ז/א.

אורזאַך — די, ־ן. ur־saehe : M.

1. סאַמע ערשטע זאַך אין לויף פֿון צײַט. גאָר ערשטע זאַך וואָס פֿון איר קומען אַרויס שפּעטערדיקע זאַכן. „די צען ספֿירות...נידערן אַראָפּ פֿון א, צו א'“, תּניא, ריג.

2. אַרכ. מייִ. איצט דטשמ, אָבער זייער שטאַרק פֿאַרשפּרייט. סיבה. וואָס איז די א, פֿון דעם? יעדע זאַך האָט (זיך) אַן א'. „דער טויט וויל אַן א, האָבן,„ שוו, טענדלאַו, 772 [מע פֿרעגט תּמיד: פֿון וואָס איז ער געשטאָרבן]. “די א, אבּר ווארום אַלז אַלי מענשין אין דיזין איבּר איינש קומען...“, מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג תּקל“ה. „די א,... באַשטייט אין דעם...„, מעה אומן, פֿיורדא 1783.

,,אָנגעפֿאַנגען צו פֿרעגן די א, פֿון דעם
אונטערשטיי'ן“, ל. א. ליאָנדאָך, נײַער בּש,
ווילנע 1844. ,,מיר קענען עס אַצינד נישט
בּאַווײַזן איבּער פֿאַרשידענע א'ן,,, קןּו, 1864, No
34. ,,זי האָט זייער גוט געוואוסט די א, פֿאַר
וואָס איר פֿאָטער האָט זיך...אַזוי
איבּערגעאַנדערשט“, ספּ, סודות. ,,ליגט ניט אין אָט
דעם קאַמף פֿון אינעווייניקסטע היפֿכים די א,
פֿון דער ייִדישער אומרו?,,, זשיט II, נ,,י 1912.
אָן אַן א, = אָן אַ פֿאַרוואָס, אָן אַ פֿאַרוועז.
,,זאָלסט...ניט פֿאַרגעסן וואו ליגט די א, פֿון
דעם אומגליק,,, מר III. א'־בּאַשטימונג, מ.
ווײַנגער, יודישער סינטאַקסיס.
3. אַרכ. מאָטיוו. שטויס. אימפּולס. ,,איך
יוא א, פֿון דען שותּפֿות גיוועזין בּין,,, גה,
116. ,,ער איז אונטר וואָרפֿן אין אונטר שידליכי
פֿר קערטי אור זאַכין,,, בּע, ה/א. ,,וועשׂט א,
האשׂטו דיך אַזו גיוועזן מטריח?,,, עיון, הקדמה.
,,אויז וואז אורזך האָט ער דיך גשלאגן,,, ,אַ
פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1732 [וואַכשטײַן־בּוך].
אורזאַכהאַלבּן — דער. אַדוו. אַרכ. איבּער
דער סיבּה, איבּער דעם וואָס. ,,קענן אַפֿילו
דיא רעכטן צדיקים ניט הין, אורזך הלבּן איין
רעכטר צדיק דער איז אַלי צײַט פֿרום

גיוועזן...,,, מבּ, מעשׂה קסג. ,,בּני החתן שי',
זײַן רײַז על די שבֿועות זיכרה אורזאַך הלבּר
אויש גישטעלט“, אגרת שלמה, ז/כ.

אור זרוע לצדיק

אורזאַכלאָז(יק) — אַדי. נר. וואָס האָט ניט
קיין סיבּה; אָנסיבּהדיק. אוממאָטיווירט. ,,סימנים
פֿון דיאַבּעט: אורזאַכלאָזער פֿאַרגרעסערטער
בּלוטדרוק“, טאָז, וואַרשע 2 ▯ 1929, No l.
־יקייט.

אורזאַכלעך — אַדי. סיבּהדיק. וואָס דינט ווי
אַ סיבּה. קאַוזאַל. ,,מאַרקס האָט ניט בּאַוויזן
אַז עס מוז זײַן אַן א'ע...פֿאַרבּינדונג צווישן
די דערשײַנונגען פֿון דער פּראָדוקציע און...
פֿון דער פֿאַרטיילונג,,, זשיט II ▯, נ“י 1917.
־קייט.

אורזאַכער — דער, ־ס. אַרכ. גורם. פֿאַקטאָר.
עמעצער אָדער עפּעס וואָס מאַכט אַז עס זאָל
פֿאָרקומען, פּאַסירן. ,,ער איז דער אורזאַכר
גוועזן פֿון אַל דז בּיז [= בּייז]“, יוסיפֿון,
פּיורדא 1764. ,,[יהודה] איין אורזאַכר ווער
וועגן יוסף“, ר, יוסף דאַרמשטאַ]. ט איבּז, תּורת
משה, קאַרלסרוא 1770.

אורזיידע — דער, ־ס. גרײַז, זיידע פֿון ווײַטן

עבֿר, וואָס פֿון אים קומט אַרויס אַ קייט דורות. „זי נעמט מיר וואונדער פֿון אַן אורזיידן דערציילן...באַווײַזט זיך אין טרוים מיר אַ הייליקער גרײַז, אַן א, לאָזט זיך אַנטפּלעקן“, אַל I. „דער אויפֿן בוים האָט אָבער שטיל געשמייכלט, און דערמאָנט האָט ער אַ ווײַטן אורזיידן“, ה. דאָבין, בירעבידזשאַן, זב, מאָסקווע 1938. ~זיידיש — אַדי.

אורזיך — דער. מצ נב. נעאָל. לכתּחילהדיקער זיך אָדער איך. „די ערשטע אורזאַך און די לעצטע אורזאַך זײַנען גאָרניט קיין זאַך, קיין אורזאַך, נאָר אַ זיך, אַן א',„ אַבא גאָרדין, ייִדישקייט..., נ„י 1938.

אורזינד — די. מצ ווי אצ. סאַמע ערשטע זינד. אָדם הראשונס זינד מיטן עץ־הדעת. “אָדם און קריסטוס — א, און משיחישע אויסלייזונג — דאָס זײַנען די צוויי פּונקטן אַרום וועלכע עס באַוועגט זיך דער קריסטלעכער געדאַנק„, א. מענעס, פּאָר, 23 IX 1962.

אור זרוע — ← דוווו. נאָמען פֿוו אַ הלכה־ספֿר און זײַן מחבר, ר, יצחק בר, משה מווינאָ (1200—1270), אַ תּלמיד פֿון ר, יהודה חסיד און אַ רבי פֿון מהר„ם פֿון ראָטנבורג.]

געדרוקט געוואָרן ערשט אין צווייטער העלפֿט 19.

י,,ה, אָבער געווען באַקאָנט אין מאַנוסקריפּט, וואָס איז אַגבֿ געראַטעוועט געוואָרן אויף אַן אויסטערלישן אופֿן. א, ז, איז געבויט לויט די מסיכתּות, מיט די מיינונגען פֿון פּוסקים פֿאַר אים און מיט אַ נטיה מחמיר צו זײַן. פֿאַראַן אַ צאָל יִדישע גלאָסן וואָס זײַנען וויכטיק פֿאַר דער געשיכטע פֿון יִדיש.]

אור זרוע לצדיק — [אויר זאָרואַ לאַצאַדיק] זאָץ. < תּהלים, צז, 11. אַ ליכט איז פֿאַרזייט פֿאַרן צדיק [די צווייטע העלפֿט פֿון פּסוק: 'ולישרי־לבֿ שׂמחה, — ,,און פֿאַר די רעכטפֿאַרטיקע הערצער אַ פֿרייד,,, תּי]. דאָס זאָגט מען דרײַ מאָל פֿאַר כּל־נדרי. מע ניצט דעם האַלבן פּסוק אויסצודריקן נשמה־רואיקייט און פֿרייד אין געמיט און אין לעבן פֿון אַ פֿרומען, הויך־עטישן מענטשן, אויך ווי אַ טרייסט אַז יסורים אויף דע'ר־וועלט וועלן פֿאַרגיטיקט ווערן מיט עולם־הבֿא. מע פֿלעגט

אודח

עס אויך זאָגן בײַ אַ לוויה פֿון אַ פֿרומען יִדן, געשטאָרבן אין אַ טיפֿן עלטער. [במדבר רבה, יז, ז, טײַטשט אויס אַז א, ז, זײַנען די

מצוות וואָס גאָט האָט מיט זיי מזבּה געווען
ייִדן כּדי זיי זאָלן קענען האָבּן עולם־הבּא.]
,,שמואליכול פּראָצענטניק און הירש וועלוועלע
דרייען זיך אויך אַרום בּײַ א, ז, ל, מיט די
ספֿרי־תּורה אין זייערע טריפֿהנע הענט,,, א.
מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898. אויך
געקירצט — אור זרוע. ,,אַזעלכע אַקטן [
אַוועקוואַרפֿן די כּלה] טוען זיך אָפּ בּיי ייִדן לרובֿ
...און נאָך אַלצדינג שאַט קיינעם ניט צו
מזרחוואַנט, אויו ניט צו א, ז,,,, ג. ח. לעוונער,
דער צווייענדיגער תּנאיס, ווילנע 1897.

אורה — [אויראַדI דער, ־ים [אָרכי□]. > שמואל
בּ, יד, 4; ירמיה, יד, 8 אאַ. [,,א, — אַ גאַנץ
ספּעציעלער ייִדישער בּאַגריף, כּמעט אַן עכטער
,ייִדישיזם', ממש נישט איבּערצוזעצן אויף אַן
אַנדער לשון,,, יע — ווײַל דער בּאַטײַט איז
אין ייִדיש אויסגעבּרייטערט און דער בּאַגריף
איז אָנגעפֿילט געוואָרן מיט שטייגערישער און
עטישער ווערטיקייט□]
1. גאַסט. ספּעצ אַזאַ וואָס קומט פֿון דער
,
פֿרעמד. הן אַ פֿאַרבּעטענער, הן אַ צופֿעליק
אַרײַנגעקומענער גאַסט. אויפֿנעמען אַן א'.
צורוימען די שטובֿ ווײַל עס קומען בּאַלד א'ים.

אַ וועטשערע ווי פֿאַר א'ים. דעם בעסטן
געז
לעגער פֿאַרן א'. [אין ירושלים איז געווען אַ מנהג אויפֿהענגען אַ טישטעך אויף דער טיר ווי אַ סימן אַז מע פֿאַרבעט א'ים, בבֿא בתרא, צג/ב]. „איז אים געווען אַ שאָד צו נעמען פֿון זײַנע שאָף און זײַנע רינדער אויף צו מאַכן [אַ סעוד] פֿאַר דעם א, וואָס איז צו אים געקומען„, תּי, שמואל ב, יד, 4. „פֿריִער איז מען אַן א, און נאָכדעם ווערט מען אַ טוֹרח„, שוו. „יום ראשון א', יום שני טורח, יום שלישי — סורח„, בן־זאבֿ, מסילת הלימוד. „קומט אַן א, אַרײַן — עסט מען לעקעך, טרינקט מען ווײַן“, שוו. „אַן א, אויף אַ ווײַלע — אַ פֿרייד און אַ מעלה, אַן א, אויף אַ וואָך — אַ צרה און אַ בראָך„, שוו. „מיט מיטגעבראַכטן ברויט איז מען אומעטום אַ גוטער א'„, שוו. *אַן א, פֿון די נײַן טעג = ניט קיין געוואונטשענער גאַסט, אויך: שווינדלער, ליגנער, דרייקאָפּ. *אַן א, אויף קעסט (בײַ מלכות, בײַם צאַר, בײַ ניקאָלײַקען) = ווער עס זיצט אין תּפֿיסה. *אַן א, אויף קעסט = ווער עס עסט שטענדיק מיט דער משפּחה (אַן אָרעמער ווײַטער קרובֿ, אַן א, וואָס האָט

פֿאַרגעסן אַוועקצופֿאָרן). „וואַס זאָל מען טאָן מיטן א, אויף קעסט? אַרויסטרײַבן קען מען ניט. ס'איז אַן אָנשיקעניש פֿון זײַן ליבן נאָמען„, רייד.

2. אָרעמאַן פֿון דער פֿרעמד וואָס ווערט פֿאַרבעטן צו עסן מיט דער משפּחה (אויך צו נעכטיקן), ספּעצ צו די שבתדיקע און יומטובֿדיקע סעודות. [גבאים פֿון שולן און בתּימדרשים פֿלעגן צעטיילן די אָנגעקומענע אָרעמעלײַט, זיי זאָלן זײַן א'ים אין די הײַזער פֿון די מתפּללים. אויך ניט־פֿאַרמעגלעכע בעליבתּים פֿלעגן נעמען אַן א, אויף שבת. דער אופֿן צעטיילן די א'ים איז געווען אַ

פֿאַר823

שיידענער, לויטן מנהג פֿון אָרט, אַמאָל אויך לויטן ציִען צעטעלעך מיט די נעמען פֿון די א'ים. מע פֿלעגט האָבן טענות צום גבאי, אויב ער פֿלעגט ניט צוטיילן קיין א'. וואָס אָפֿטער מע האָט געהאַט א'ים — אַלץ געהויבענער האָט מען זיך געפֿילט I "וויפֿל שיינקייט געפֿינט זיך אין די ווערטער 'אַן א, אויף שבת',,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „גשמיות איז מיר

קיינמאָל ניט קיין שטער, אַמאָל א י ז מען

אַן א', אַמאָל נ ע מ ט מען אַן א'", ר, י׳ ראל סאַלאַנטעך. „אַז דער א, הוסט, פֿעלט אים אַ לעפֿל", שוו. „איך וועל מיט אַזעלכע טײַערע א'ים אָפּר׳ כטן די סעודה גאַנץ פֿריילעך„, ממוס, ווינטשפֿ. א ו י ס כ אַ פּ ן אַן א'. „דאָ געפֿינט זיך נאָך אַ ייִד אַן עסיק־מאַכער...כאַפּט ער אָפּט אַוועק צו זיך א'ים", קמ, 20 1869, No.

"וואָס מער א'ים, פֿלעגט זי זאָגן, אַלץ פֿריילעכער דער שבת„, אַש, ר, שלמה נגיד. „דער גרויסער טיש...אַרומגערינגלט פֿון די בניהמשפּחה, קרובֿים און א'ים, בעלי־צורה והדרת פּנים„, לדבֿ, קלה. „אַ ייִד אַז ער שטייט אויף אינדערפֿרי און טרעט איבער די שוועל פֿון זײַן הויז דאַרף ער אַרויסקוקן אויף אַן א'. אַ טיש איז בבחינת אַ מזבח, וואָס איז מכפּר ווען מען עסט מיט אַן א'„, איבֿז, די אידישע צײַטונג, אַרגענטינע 15 XI 1964. אַן א, אין ב2 קען אויך זײַן אַ ייִדישער סאָלדאַט. „ יומטובֿ בײַ אַ סיש אַ פֿרעמדן זיץ איך און די ווירטין אַלץ פֿרעגט מיך פֿרײַנדלעך: ליבער א', אפֿשר איז אײַך ווייניק זאַלץ?", אַר, יום־טובֿ.,

3. סתּם אָרעמאַן וואָס קדמט פֿון אַן

אַנדער אָרט, הן אַזאַ וואָס קומט איינער אַליין אָדער איינער פֿון אַ גרופּע וואַנדערנדיקע אָרעמעלײַט. „אַך מיר ארמי לײַט, ווען מיר א'ים נאָך פֿראַנקפֿורט טונין מאַרשירן, זאָ לאָט מען אונש ניט פֿר די טירן„, 'איין נײַא קלאָג ליד אויף איין משרת פֿון פֿראַנקפֿורט„ באַזל תּס„ח [פֿש II]. געקומען אַ כאָפּטע (אַ כאַליאַסטרע) א'ים. דער הקדש איז פֿול מיט א'ים. ← אָרחיפּדחי.

4. סתּם פֿרעמדער, פֿון דער פֿרעמד געקומענער, דורכגייער, דורבפֿאָרער. „דורך א'ים גיט מען אויס קינדער“, שוו [מע דערוויסט זיך וועגן אַ גוטן שידוך; אויו מיט ב2: ווען מע נעמט גוט אויף א'ים, מאַכן זיי דעם בעל־הבית אַ גוטן נאָמען]. „אַבֿרהם אָבֿינו ניצט אויס זײַן הכנסת־אורחים...אַז דער א, זאָל מאַכן אַ ברכה, לויבן דעם בורא־יחיד„, לדב, פּו. [רעדט וועגן פֿאַרקויפֿן געגנבֿעטע צירונ▯] „איך מוז נאָך הײַנט גיין זוכן עפּעס אַן א„ אים דאָס שלימזל אָנצוהענגען„, עט, סערקעלע. „און זעלטן אַהין ברענגט אַן א, פֿאַרלוירענע בשׂורות פֿון שטאָט„, יו▯ף ראָלניק, ,אַ ווײַטער דערפֿל„. „דאָך ווי נאָר דער הייליקער טאָג איז אַריבער..., האָט פלוצלינג דער א, באַדעקט

זיך מיט שטראַלן, פֿאַר אַלעמענס אויגן געוואָרן פֿאַרפֿאַלן,,, יהואָש, 'דער צענטער צום מנין'. [אין פֿאָלקס־מעשׂיות קומט ווי אַ צענטער צום מנין אליהו הנבֿיא אָדער איינער פֿון די אָבֿות.] ,,פֿרעמדער, פֿרעמדער, קום אַרײַן, וועסט מײַן גוטער א, זײַן“, מל, 'דער פֿרעמדער'. צו אַ

אוך חדש

פֿרעמדן וואָס מע ווייסט ניט זײַן נאָמען ווענדט מען זיך: ר, א'. ,,וואו איז מען דאָס אויסן געוועזן ר, א,?“, קאָפּעלאָוו, אַמאָל איז געוועזן.

5. דורכגייער, דורכפֿאָרער וואָס שטעלט זיך אָפּ אין אַ קרעטשמע, אַן אַכסניא. גאַסט אין אַן אַכסניא, אין אַ גאַסטהויז. ,,האָט דער בעש,,ט כלומרשט אויסגעדאַוונט אין דער גיך ווי אַ דאָרפֿסמאַן און האָט געהייסן, דער א, זאָל קידוש מאַכן,,, שבֿחי בעש“ט, זשאָלקעוו תּר,,י. ,,ער האָט באַדינט די א'ים אין דער גאָסטיניצע,,, ספּ, נליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,אַז מען האַלט טאַקע אַ רעכטע אַכסניא, האָט מען לײַטישע א'ים“, קאַלמוס, זעלטענער ברית, וואַרשע 1882.

6. איר. אַרויפֿגעצוואונגענער קוואַרטיראַנט;

סאָלדאַט וואָס מע באַזעצט אין אַ פּריוואַט הויז.
„זײַנען אָנגעקומען סאָלדאַטן אין שטאָט אַרײַן,
און מיר האָט מען דאָס אַרײַנגעשטעלט דעם
רײַטער פֿאַר אַן א,“, מ□ווס, ,צוריק אַהיים'.

7. ווער עס איז נאָר צײַטווײַליק צווישן
לעבעדיקע. אַ חולה מסוכּן. *(ער האַלט שמאָל,
שלעכט), ער איז שוין אַן א'.

8. דזוו אורח־נשים ←. אַן א, אין צײַט.

אורהא דמילתא — [אורכע דעמילסע] פּראַזע.
תּח. < גיטין, כט/א □אַ. 'דער וועג (שטייגער)
פֿון דער זאַך'. געוויינלעכער פֿאַל; אָפּט,
נאַטירלעך געשעעניש. „ס'איז ניט קיין חידוש,
ניט קיין נס, ס'איז אַן א, ד',,.

אורהא רהיקא דצוותין בסימא — [אורכע
רעכיקע וועצאַווטין בעסימע] זאַץ. תּח. < סוכּה
נב/א. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און
די חבֿרותא אָנגענעם. געניצט בײַ געזעגענען
זיך מיט עמעצן (אָדער אַ גרופּע) נאָך אַ
צוזאַמענדיקן גיין אָדער נסיעה.

אורהא רהיקתא — [אורכע רעכיקטע] פּראַזע.
תּח. < כּתובות, סז/ב. ,ווײַטער וועג,. וועג
צו יענער־וועלט. זיך קלייַבן (זיך גרייטן) אין
א, ר, = האַלטן בײַם שטאַרבן. [דאָרטן: מר
עוקבֿא האָט פֿאַרן טויט צונויפֿגערעכנט אַז

ער האָט געגעבן צדקה זיבּן טויזנט דינאַר,
דאָך האָט ער געזאָגט: די שפּײַז איז לײַכט
□ו־ה ווייניק) און דער וועג איז ווײַט.]

אורה אַרעא — [אויראַך אַראָ] דער. פֿראַזע.
תּח. < בּרכות, ז/א; חולין, פּג/א אאַ. 'דער
וועג (שטייגער) פֿון לאַנד'. אויפֿפֿיר; שטייגער
(לעבּן); מנהג. „מע קען עס ניט בּײַטן, אַזוי
איז שוין דער א, אַ'„.

אורה בּזמנו בּא — [אויראַך בּיזמאַנוי בּאָ]
זאַך. תּח. < נידה, טז/א. 'אַן אורח, אַ גאַסט
(וואָס) קומט אין דער ריכטיקער צײַט'. ווערט
געניצט: א) אָנצוּווײַזן אַן אורח, אַז ווען
ער קומט איז ער אַן אָנגעלייגטער גאַסט; ב) אַ
קאָמפּלימענט פֿאַר אַ גאַסט וואָס קומט פּונקט
צו דער ריכטיקער (בּאַשטימטער) צײַט. [דאָרטן
רעדט זיך וועגן וסתּ□]

אורהדיק — [אוי'ראַכדיק] אַדי. וואָס איז פֿוו
אַן אורח (←.). אומזיכער, פֿרעמד. „אויף די
שליאַכן יעדער זעמדל, שטיינדל, וואָס איך
ריר אָן מיט מײַן אָ'ן פּוס„, הל.

אור הדש — [אויר כאָדאָש] דער. מצ נבֿ.
פֿראַזע. < שחרית, 'לאל בּרוך'. אַ נײַ ליכט

אורה הגון

[ווײַטער: 'על ציון תּאיר, — „זאָלסט מאַכן
לײַכטן איבּער ציון“] 1. גענוצט
אויסצודריקן האָפֿענונג אויף גוטס פֿאַר ייִדן, אויף
באַפֿרײַען זיך פֿון אַ צרה, גזירה פֿון גלות
—
בּכלל. „מיר זאָלן שוין זוכה זײַן צו זען דעם
א, ח', אָמן“. 2. נײַ און טיף אַרײַנדרינגען
אין ווערטפֿולס. דערזען אין (מיט) אַן א, ח'.
„אַפֿילו איינער וואָס האָט קיינמאָל נישט געזען
דעם בּריסקער רבֿ און נישט בּאַנומען אים
איז אַוועק אַהיים מיט אַן א, ח',„ נ. גאָרדאָן,
טמז, 17 XII 1959.
אורה הגון — [אוירעך האָגן] דער, ־ים ־ים
[אָרכים האַגונים]. צבֿ. לײַטישער, בּכבֿודיקער,
חשובֿער אורח. אַן אורח מיט יחוס, אַן אורח
אַ תּלמיד־חכם. אויך אַ משולח. געקומען אַן
א, ה, קלײַבּן אויף הכנסת־כּלה (ישובֿ האַרץ
אע). „אַלע שבּת האָבּן געמוזט זײַן צען
א'ים ה'ים, די שענסטע מענטשן,„ יק. „דאָס
פֿלייש דאַרף זאָמען אין זאַלץ אַ שעה נאָר
לכּבֿוד שבּת אַז מע פֿאָרכט זיך מע זאָל ניט
מחלל שבּת זײַן אָדער לכּבֿוד אַן א, ה, וואָס
ער הײַלט זיך זייער מעג מען אָפּגיסן נאָך

24 מינוט", ספֿר מקור הבּרכה, מונקאַטש תּרנ"ה.

אור הוזר — [אָר (אויר) כויזע]. דער. מצ נבֿ. 1. (קבּלה) דאָס ליכט וואָס קערט זיך צוריק פֿון נידעריקערע וועלטן (פֿון דער וועלט פֿון עשׂיה פֿון יצירה פֿון בּריאה) צו דער

, ,

וועלט פֿון אַצילות און פֿון דאָרטן צו אור עליון (←). 2. אָפּשפּיגלונג. דאָס ליכט פֿון דער לבֿנה. תּח: „פֿון אַן א, ח, בּרענט מען זיך ניט אָפּ די פֿינגער„, שוו?

אורהומר — [...כוימער] דער. מצ נבֿ. אורמאַטעריע. „לויט דעם ספֿר התּמונה איז דער וועלטאַל...ניט געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע עלעמענטן, נאָר פֿון איינאונאיינציקן הייליקן א„, אָן יעדן צומיש פֿון בּייזע עלעמענטן„, א. ליפּינער, איק, פּסח תשכ"ד.

אורהות צדיקים — [אוירכעס צאַדיקי] די. < משלי, בּ, 20. 'די שטעגן פֿון די גערעכטע'. 1. געניצט מיטן בּ: גוטע, מוסטערגילטיקע פֿירונג. מאָראַלישער אופֿן לעבן. מידות טובֿות. דאָס פֿירן זיך לפֿנים משורת־הדין. 2. לק נוסח פֿון דעם עלטסטן ייִדישן מוסר־ספֿר ספֿר המדות, איזנע 1542. א, צ, געדרוקט געוואָרן ערשט

שפּעטער, פּראָג 1581, הגם געשאַפֿן געוואָרן
פֿריִער ווי ספֿר המדות.
אורה־היים — [אויראַך־כאַייִם] דער, מצ א'
ותחיים, אורחי־חיים [אָרכעס־... אָרכיי־..□]. <
תּהליס, טז, 11. 'וועג פֿון לעבן,. 1. אויפֿפֿיר,
שטייגער לעבן, התנהגות. געוויינטלעך
טראַדיציאָנעלע לעבנס־פֿירונג לויט אַלע דינים און
מנהגים. אַן א'־ח', אַן איינגעשטעלטער,
איבערגענומען פֿון אָבֿות־אַבֿותינו. „זײַן א'־ח,
איז געווען אויפֿצושטיין כאור און זיך נעמען
צו דער גמרא“. 2. ערשטער טייל פֿון
אַרבעה טורים פֿון ר, יעקבֿ בן אָשר [די אַנדערע
דרײַ טיילן: יורה דעה, אבֿן העזר, חושן משפּט],
וואו עס זײַנען דאָ די דינים פֿון דעם ייִדנס
אויפֿפֿיר פֿון אויפֿשטיין ביזן לייגן זיך שלאָפֿן,
דינים פֿון ברכות און תּפֿילות, אַלע דינים פֿון
שבת, פֿון אַלע יום־טובֿים און תּעניתים. אַזוי

אויך ערשטער טייל פֿון שולחן־ערוך, פֿון ר,
יוסף קאַרו. לערנען דעם א'־ח'. „דער א'־ח,
איז געלעגן אויפֿן טיש, און דער זיידע האָט
געלערנט מיטן אייניקל די דינים פֿון לייגן

תּפֿילין‟. „עמעץ קלאַפּט אין טיר. דאָס לעבן? אָדער נאָר דער א״ח'?„, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. „ער איז געווען קלאָר אין תּנך אותיותוויַז...[דעסט גליַיכן] דיני א״ח, פֿון הלכות השכּמת־הבוקר ביז דעם לעצטן דין„, לדבֿ, נ„י 1957.

3. א(ו)רחות היים — נאָמען פֿון אַ מוסר־ספֿר פֿון ר, אָשר בּן יחיאל. „און דערויף האָט דער רא״ש מזהיר געווען אין א, ח', איין שׂונא זאָל בּיַי דיר זיַין ווי פֿיל„, קה, ווילנע תרל״ה.

-

אורח השובֿ — [אויראַך כאָשעוו] דער, מצ ־ים ־ים [אָרכים כ(אַ)שוּווים]. צבֿ. חשובֿער, בּכּבֿודיקער גאַסט אָדער אורח. „זאָלסט אָנבּרייטן דעם שבּת ווי מע בּרייט אָן אַן א, ח, אין... הויז‟, נוצ, קא. „זיי דערוואַרטן זייער רבּין... מאַכן זיי די קלויז צורעכט, עס זאָל זיַין ווי געהעריק איז פֿאַר אַזאַ א, ח'„, לדבֿ, קל.

אורח טובֿ — [אויראַך טאָוו] דער, ־ים ־ים [אָרכים טויווים]. < בּרכות, נח/ב. 'גוטער

גאַסט', וואָס איז מכּיר טובֿה, שאַצט אָפּ די
טירחות פֿון בעל־הבּית. היפּוך: אורה רע
[...ראַ], מאַכט צו גאָרנישט, איז מבֿטל וואָס
ער קריגט. „אַן א, ט, איין מאָל אין אַ יובֿל
איז בעסער ווי א'ים רעים [ראָאים] יעדע
וואָך", שוו.
אורהטע — [אויראַכטע] די, ־ס. ווײַבּלעכע
פֿאָרעם פֿון אורח. געוויינטלעך אַ פֿרוי אַ
גאַסט; אַ פֿרוי וואָס קומט פֿון דער פֿרעמד.
„די ווײַבּער האָבן געשאָלטן די אַרגענטינער
א, מיטן קאַראַקולנעם מאַנטל", חג, צמח אַטלאַס.
אורהיה — [...כאַיע] די, ־יות. סאַמע ערשטע
חיה, גאָר בּרוטאַלע חיה. „די א, אין דער
מענטשלעכער נאַטור האָט דערוואַכט, און אַ
בּרוטאַלע בעסטיאַליטעט איז מקוים געוואָרן",
מ. וויטיעס, פֿאַש, 1948 ▯ 14.
אורהים־בּאַנק — [אָרכים־...] די, ־בּענק.
באַזונדערע בּאַנק אין בּית־מדרש אָדער שול, בּײַ
דער מערבֿ־וואַנט, פֿאַר אָרעמעלײַט פֿון דער
פֿרעמד. ← אָבֿל־בּאַנק. אויך:
שנאָרערבּאַנק.
אורהים־געלט — דאָס. מצ נבֿ. 1. הכנסה
פֿאַר דער שול פֿון ניט קיין שטענדיקע מתפּללים.
„דערצו באַקומט ער [דער שמש] 10 פּראָצענט

פֿון א׳־ג, וועלכע ער קאָלעקטעט...יעדער אורח וועלכער האָט יאָרצײַט מוז געבֿן דעם שמשׂ 25 סענט און אין שול 25 ס׳; ווען דער אורח איז אָרעם און קען ניכט געבֿן 50 ס, און ער האָט ערלויבֿעניש פֿון חבֿרה זײַן יאָרצײַט אין שול אָפּצוהאַלטן און ער גיט נאָר 25 ס„ איז דער שמשׂ קודם...ווען אַן אורח וויל אַ נאָמען געבֿן לנקבֿה, מוז ער דעם שמשׂ [געבֿן] 25 ס, און פֿאַר אַ חופּה 1 דאָלאַר„„

קאָנסטיטוציאָן דחבֿרה אַהבֿת ציון בּניו יאָרק, ניו־יאָרק תּרס„ז [ריבֿ, יי▯].

2. געלט פֿאַר פֿרעמדע אָרעמעלײַט, געגעבֿן

אורח מכ▯ים אורח

פֿון קהל. ״בײַ אונדז אין ווילקאָמיר [ליטע] האָט מען אײַנגעפֿירט א׳־ג, און ניט געלאָזן פֿרעמדע אָרעמעלײַט גיין איבער די הײַזער. האָבן אָרעמעלײַט אָנגעהויבֿן אויסמײַדן אונדזער שטאָט און געשריִען אַז עס איז אַ נײַער סדום. האָט מען געמוזט אָפּשאַפֿן א׳־ג, און ווידער געלאָזן די אָרעמעלײַט גיין איבער די הײַזער„„ רייד (1921).

אורהים־הויז — [אָרכים־...] דאָס, ־הײַזער.

אויך: אדרהיס־שטוב. פֿקפ: ־הײזל, ־
שטיבל. 1. הויז וואָס געהערט צום קהל און איז
באַשטימט פֿאַר פֿרעמדע אורחים פֿאַר
וואַנ— — ,
דערנדיקע אָרעמעלײַט, אויף צו נעכטיקן. הקדש.
,,אַרומגעגאַנגען איז ער מיט קבצנים פֿון
— ,
קהילה צו קהילה פֿון א'־ה, צו א'־ה',
קרועבלוא", פרץ, 'ס'אי, גוט'. ,,איצט האָט ער
אויף דער צווייטער זײַט [פֿון הויף] געלאָזט
בויען דאָס א'־ה',,, פּ. רודאָי, טמז, 2 ▯ 1959 III.
2. (האַלב־פֿאַרשטעלט) שאַנדהויז, הײזל. ,,...האָט
ער שוין געלעבט מיט דער באַלעבאָסטע פֿון
א'־ה',,, פרץ, ליטעראַטור און לעבן. ,,אין שטאָט
גופֿא — שענקען, א'־שטיבלעך, אַלטוואַרג,,,
פּרץ, ,די טויטע שטאָט'.
אורהי־פורהי — ← אָרחי־פּרחי. ,,זאָל ער
גיין צו ד▯ אײניקלעך, נשׂרפֿים, אונדז זענען
פּראָסטע בעטלערס, א'־פּ'", ייִז, יאָשע קאַלב.
אורהיש — [אָרכיש] אַדי. וואָס איז ווי בײַ,
איז כאַראַקטעריסטיש (פּאַסט) פֿאַר אַן אורח.
— ,,גאָרניט קיין א'ער מאָלצײַט —
פֿאַרענטפֿערט זיך די בעל־הביתטע פֿאַרן אורח,.. ,,
געזעסן סטאַטעטשנע און געקײַט פּאַמעלעך אויף

אַן א'ן שטייגער,,, נס, משפּחה מאַשבֿער.

אורהכמה — די. עלטסטער, לכתּחילהדיקסטער יסוד פֿון חכמה. ,,אַזוי ווענדט אָן הגאון הרבֿ סאָלאָווייטשיק דעם פּרינציפּ פֿון א,, פֿון בּראשיתדיקן אויפֿבליץ, אויף צו פֿאַרשטיין פּראָצעסן פֿונעם מענטשלעכן שׂכל, וואָס איז אַ שותּף צו מעשׂה בּראשית,,, ה. זײַדמאַן, טמז, X 19▯2 26.

אור־הכמה — [אויר כאָכמע] פֿראַזע. צבֿ. תּח. ליכט פֿון חכמה (וויסן). 1. פֿעאיקייט צו טראַכטן לאָגיש. פֿאַרשטענדעניש פֿאַר כּלערליי

▯

לעבן־סיטואַציעס. ,,אונדזער רבֿ — תּורה האָט ער, א'־ח, פֿעלט אים,,. 2. ליכט פֿון יעדער מין וויסנשאַפֿט. א,־ח, פֿון מאַטעמאַטיק. ,,א'־ח, איז קאַלט, א'־ח, וואַרעמט ניט,,. 3. (קבּלה) ליכט וואָס קומט פֿון דער ספֿירה חכמה.

אורה מגונה — [אויראַך מעגונע] דער, ־ים ־ים [אָרכים מעגוני▯]. תּח. > דרך ארץ זוטאָ, פּרק ח. 'מיאוסער אורח'. אומטאַקטישער, גראָבער אורח. אַן א, וואָס איז צו שטאַרק מטריח איז אַן א, מ,.

אורה מכניס אורה — [אויראַך מאַכניס

אויראַך] זאָץ. תּח. > בּבֿא בּתרא, צח/ב. אַ גאַסט בּרענגט אַרײַן, נעמט מיט מיט זיך נאָך אַ גאַסט. [,,א, מ, א, — הרי זה מגונה“, ← דפֿוו.] ,,ווען אַ שנאָרער קומט מיט זײַן איידעם אויף קעסט — איז ער אַן א, מ, א',,, ווערטל. [פֿון א, מ, א, איז געוואָרן דאָס שוו ,,אין אורח מכניס אורח,,, ←.]

אורהן

אורהן — [אוירעכן] אוטוו. אוֹרח, געאוֹרחט. נעאָל. זײַן אַן אורח. ,,אינאײנעם מיט זיי געאורחט בּײַ פֿרעמדע טישן“, י. טיגער, דער צדיק און דער בּעל־תּשובֿה, לאָנדאָן 1962.

אורה נטה ללון — [...נאָטאָ לאָלון] פֿראַזע. תּח. > ירמיה, יד, 8. ,,אַ וואַנדערער וואָס טרעט אָפּ צו נעכטיקן“. אַן אורח וואָס קומט בּלויז איבּערנעכטיקן. ווערט געניצט ווי אַן אָנצוהערעניש אַז דאָס לעבּן אויף דער־וועלט איז נאָר אויף אַ ווײַל, קורצדויערדיק. ,, יעדערער ווייסט אַז ער איז מערניט ווי אַן א, נ, ל, אויף דער־וועלט און יעדערער וויל זיך שטעלן אַ מצבֿה [פֿאַר] אַ זכּרון,,, לדבּ, קנג.

אורה־נשים — [...־נאָשים] דער. בּא. תּח.

> 'ארח כנשים', בראשית, יח, 11. תּי:

„דער שטייגער ווי בײַ פֿרויען". (איידל

מענסטרואַציע, ווסת פֿאַרלירן דעם א'־נ'.

—

.

אורטאָל — דער, ־ו. טאָל נאָך פֿון אורצײַט. קדמון־טאָל.

אורטייל — דער, ־ן. Md: u—teil.

פּפֿ: אורטל (? סטוטש). 1. באַשלוס פֿון געריכט. רעזולטאַט פֿון אַ פּראָצעס.

אַרויסטראָגן, אַרויסגעבן אַן א'. באַשטעטיקן, אָפּשאַפֿן פֿאַרבײַטן, איבערקלאָגן אאַזוו אַן א'.

— ,

שווערער אָדער גרינגער א'. גערעכטער, יושרדיקער אע א'. פֿאַלשער, אומגערעכטער אע א'.

פֿאָרויסיקער פֿאָרויס־באַשטימטער, צײַטווײַלי,

קער, ענדגילטיקער א'. א, פֿון קרײַזגעריכט, פֿון קריגסגעריכט אאַזוו. ט ו י ט א', תּפֿיסה־א', באַפֿרײַ(אונגס)־א'. צוגאָב־א'. א'־אויספֿירונג. א'־פּ ל אַ ץ — אָרט פֿון עקזעקוציע. "ווערטער צווישן דעם נידון און זײַנע באַגלייטער צום א'־פּ,,,, לדב, נ"י 1957. „האָט ער דעם ריכטערס א, זייער אומרעגלמעסיק אויסגעפֿאָלגט", פֿאָך, 2 1963 III.

2. באַשלוס וועגן שטראָף פֿון אַן איינציקן (אַ הערשער) אָדער אַ גרופּע וואָס האָט די מאַכט, האָט אַ דעה. „מע האָט געמוזט אויספֿירן דעם א, פֿון דיקטאַטאָר“, רייד. דער נאַצישער א, וועגן דער 'ענדגילטיקער לייזונג, פֿון דער ייִדן־פֿראַגע. „איין אורטיל האבּן זי טון פֿר קינדן, אַז וועןֹ עשׂ פֿום הימל אַרבּ [=אַראָפּ] ווער קומן“, ווינץ.

3. יעדער מין באַשלוס וואָס איז ענלעך אויף אַ געריכטלעכן אורטייל. „...שפּראַכן אלי ראטשׂ הערן...פֿאַלט דשׂ אורטייל אויף דען חזיר הערט [= חזירים־פּאַסטעך]“, 'שילדבּורגר זעלצאַמי אונ, קורצווייליגי גישיכטי, [אווע III]. „זײַן א, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט: ' פֿאַרשפּעטיקט האָט זיך דײַן געבּעט'“, יהואָש, זון און נעבּל.

4. מיינונג, אַרויסגעזאָגט נאָך אַ באַטראַכטן, נאָך אַ וויכּוח. דער א, וועגן דעם נײַעם בּוך. איבּערגעאײַלטער, צוגעאײַלטער אָדער באַטראַכטער, מיושבֿדיקער א'. צואײַלן זיך מיט אַן א, וועגן אַ קאָמפּליצירטן ענין. “און בּלײַבּט בּײַ דעם נאַרישן א אַז נאָר בּײַ ייִדן טרעפֿט

,

דאָס, און ייִדן קאָנען זיך ניט רעגירן“, ירמי,

יוסף יאקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. "יעדע עפּאָכע טראָגט אַרויס...איר א', און. ▯.זי וועט שטענדיק איבערלאָזן דער

קו825

מענדיקער תּקופֿה צו זאָגן עפּעס נײַס,,, שנ, קריטיק און קדיטיקעך.
אורטיילן — אוטוו & טרוו. אורטייל, געאורטיילט.
פּפֿ: אורטלען▯ 1. אַרויסבּרענגען אַן אורטייל (← דפֿוו), רעזולטאַט פֿון משפּט. דער ריכטער האָט געאורטיילט אַז... א, להיפּוך צו די בּאַווײַזן, צו די פֿאַקטן וואָס דער פֿאַרטיידיקער האָט פֿירגעבּרענגט. ,,געענדיקט האָט דער בּלייכער קנעכט זײַן בּיטערן געשריי. 'אָ ניין, מײַן פֿרײַנד, דו אורטיילסט שלעכט, — האָב איך געזאָגט מיט ווײ", מר I. ,,נאָר אַ הדיוט, אַן אומוויסנדער אורטיילט צום שלעכטן פֿון יענעם", דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, בּאַרדיטשעוו 1897.
2. קומען צו אַ בּאַשלוס און אַרויסבּרענגען, אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן עמעצן אָדער עפּעס, פֿטמ. אויך טרוו. "איך קען ניט א, די ריכטיקע מיינונג", רייד. ,,מע קען ניט אַלעמען אַזוי

שטרענג א'“, רייד. „...זעלביגש אלש פֿור און וויכטיג גיאורטיילט„, מאַרשן, חנוך לנער, אַמשט תּצ“ד. א, איבערן ווערט אָדער אומווערט פֿון אַ בוך, אַ קונסטווערק, אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג. זײַן באַגרענעצט אין א'. א, נאָר פֿון אייגענעם שטאַנדפּונקט. „און ווער זאָגט עס גלאַט אַז מיר מוזן א אַ מענטש אָדער אַ

,

פֿאָלק?“, קאָר II.

3. קומען צו אַן אויספֿיר, קומען לידי מסקנא. א, לויט באַשטימטע פֿאַקטן, סימנים, רעזולטאַטן פֿון פֿאָרשונגען. „דיא יהודים דיא אין דשׂ לנד [כינע] וואונן גאַר ניקשׂ ווישׂין פֿון דען נוצרי, דא פֿון אורטיילט דר שרײַבר דשׂ זיא פֿר דיא צײַט אי דר נוצרי גקומן איז שון אין דשׂ לנד מוזן זײַן גוועזן„, שאַר, קמא. ־ונג.

אורטייל(ס)לאָז(יק) — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז אָן אַן אורטייל, ניט מסוגל אַרויסצוברענגען אַן אורטייל. ־יקייט.

אורטייל־פֿעאיק — אדי. וואָס איז פֿעאיק, איז מסוגל, איז בכּוח אַרויסצוברענגען אַן אורטייל. א'־פֿ'ע קאָלעגיע. ־יקייט.

אורטיפּ — דער, ־ן. לכתחילהדיקער טיפּ

וואָס איז דער שטויס אָדער דער באַזיס פֿאַר
שפּעטערדיקע טיפּן. זוכן אין מיטאָלאָגיע א'ן
פֿון ליטעראַרישע ווערק.

אורטיקאַריע — די, ־ס. < איי < ל.
הויטאָנצינדונג פֿון באַרירן געוויסע געוויקסן, פֿון אַ
שטאָך פֿון אַן אינזעקט אָדער פֿון עסן געוויסע
מאכלים. „אַלערגישע צושטאַנדן וועלכע זײַנען
אַ רעזולטאַט פֿון א געשטײַגערטער...[
דורכלאָזיקייט] פֿון די קליינע געפֿעסן, ווי אין א',
געשווילעכצן, הייפּיבער“, פֿגעז, פּאַריז 1950,
No □ ־8.

אורטעקסט — דער, ־ן. סאַמע ערשטער,
לכתחילהדיקער טעקסט (וואָס מע האָט אים
שפּעטער געביטן אָדער געמאַכט קאָפּיעס פֿון
אים). זוכן דעם א, פֿון דעם האַלבּ־פֿאַרבּרענטן
מאַנוסקריפּט.

אורטראַדיציע — די, ־ס. גאָר אַלטע,
ערשטיקע טראַדיציע. „...אין דער פּוילישער
קולטור [וואָס אירע] א'ס וואָרצלען אין דער

קאַאוריוק

טוילישער קירך“, ש. ל. שנײַדערמאַן, איק,
ד״ה תּשכ„ד.

אוריאַדניק — דזוו אוראַדניק. ,,יעדער א, ווערט
אַ גאַנצער מושל און טוט וואָס ער וויל,,, א.
וואלקענשטיין, [איבּז ליק],...פֿרײַהייט פֿון וואָרט,
וואַרשע 1907.
אוריאל — [אוריִעל] נאָמען. 'מײַן ליכט איז
גאָט'. 1. מענער־נאָמען. < דבֿרי־הימיס א,
ו, 9 אאַ. [זן בײַ אָשכּנזישע ייִדן]. 2. נאַמען
פֿון אַ מלאך. < בּמדבּר רבּה, בּ, 9 אאַ. [דער
מלאך א, איז אַ מליץ אויפֿן פֿאָלק ישׂראל.
ער איז ממונה אויף ליכט און פֿײַער; שטייט
אין צפֿון פֿון כּסא־הכּבֿוד. דער מלאך א,
בּאַשיצט דעם מענטשן בּײַנאַכט, ווערט דערמאָנט
אין קריאת־שמע: ,,מימיני מיכאל...ומלפֿני א',,.
געווען בּײַ דער פּטירה פֿון משה רבּינו, לויט
תּרגום יונתן, דבֿרים לד, 6.] ,,און דער מלאך
וואָס איז ממונה דערויף [צו מאַכן פֿעט די
ערד און בּרענגען היץ אויף דער וועלט] הייסט
א, און ער איז ממונה אויפֿן דרום־ווינט,,,
קה, ווילנע תּרל,,ה.
אוריאָרן — די. אצ נבּ. נעאָל. גאָר אַלטע,
ערשטע יאָרן פֿון די א, זײַנע איז נאָך דאָס
,, .
וויסן“, אפֿא, וואַך איז דער סטעפּ.
אוריגאַנע — די, ־ס. דזוו אזובֿ־גראָז. אַזוי

פֿאַרטײַטשט יהושע זוסמאַן, ספֿר החן, הוא חנוך נערים, ווילנע 1868.

אוריה — [אוריע] נאָמען. '(מײַן) ליכט איז גאָט, [מיטן געקירצטן הייליקן נאָמען]. 1. מענער־נאָמען. < ש מואל בּ, יא. [ניט קיין אָפֿטער נאָמען בײַ אַשכּנזישע ייִדן. אויסגעלייגט אָן ה]. 2. א, דער חתּי, דער מאַן פֿון בּת־שבֿע (זען דאָרטן), וואָס דוד האָט — דורך אַ בּריוו, געשיקט מיט א'ן גופֿא — בּאַפֿוילן יואָבֿן אים שטעלן אין פֿראָנט פֿון אַ הייסער שלאַכט, כּדי ער זאָל פֿאַלן אין מלחמה. דערפֿון א'־בּ ר י ו ו = אַ בּריוו מיט אַ מסירה, אינטריגע, בּגידה; אַ בּריוו אַ פֿאַסטקע פֿאַר זײַן בּרענגער. "נאָך איידער איך בּין געקומען קיין בּרעסלע, זענען שוין וועגן מיר אַהין געשיקט געוואָרן א'־בּריוו", איבּז, א. י. גאָלשמידט, שלמה מיימונס לעבּנסגעשיכטע, ווילנע 1927.

אורי וישעי — [אורי ווענישי] פֿראַזע. < תּהלים, כז, 1. '[גאָט] איז מײַן ליכט און מײַן הילף'. נאָמען פֿון קאַפּיטל כז פֿון תּהלים וואָס מע זאָגט אינדערפֿרי און אין אָוונט נאָכן דאַווענען פֿון ראָש־חודש אלול בּיז שמיני־עצרת (אַרײַנגערעכנט). „אַזוי גיך אָפּגעדאַוונט? און

א, ו, געזאַגט?“.

אוריונג — אדי. נעאָל. גאָר יונג; וואָס איז דער אַנהייב פֿון ווערן יונג אויפֿסנײַ. „אומקער צו דעם אוראַלטן וואָס דאַרף ווערן א'“, ש. ביקל, צוק, יולי־אויגוסט 1965.

אוריו'ק — דער, ־ן (־עס). > רו□, טיורקיש. געטריקנטע אַזיאַטישע אַפֿריקאָסן. „טאַשקענט איז מלחמה־צײַט שוין נישט געווען קיין שטאָט פֿון ברויט, נאָר פֿון א'“, סמב. „אָפּגעשפּאָרט אַ ביסעלע א, און ראָזשינקעס“, פּ□ו, מלחמה.

אדדי□דיש

אורי□דיש — אַדי. וואָס איז תּוכיק, יסודיק ייִדיש. וואָס איז פֿון די עלטסטע צײַטן לויטן מהות און כאַראַקטער ייִדיש(לעך). א'ע שטריכן. א'ער באַנעם. ־קייט.

אורי□דיש — דאָס & דער. מצ נב. עלטסטע, קדמונדיקע פֿאָרעם פֿון ייִדיש, וואָס פֿון דעם האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט דאָס שפּעטערדיקע ייִדיש. „עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין א, אָדער קדמון־ייִדיש אינעם זינען פֿון אַ דיאַלעקט־פֿרײַען איינהייטלעכן לשון,„ נ.

□

אורי□שובֿ — [...ייִשע□] דער, ־ים [...ייִשווּוי□].
אורוואוינאָרט. סאַמע עלטסטער, פֿריסטער ייִשובֿ.
א, פֿון מענטשלעכן מין.
אורייתא — [אויריַיסע] < שבּת קטז/ב אאַ.
אַרמיש, דזוו תּורה. פֿון מדאורייתא ←,
דאורייתא ←. ווערט ניט געניצט באַזונדער פֿאַר
זיך נאָר אין אַ צאָל אויסדרוקן און ציטאַטן.
פֿל אויפֿן סמך פֿון מדרש (אַ זמר לכּבֿוד
שבֿועות) הייבּט זיך אָן מיט א, בּרתא...גאָט
פֿרעגט: תּורה, טאָכטער מײַנע, מיט וועמען
ווילסטו חתונה האָבּן? דער ענטפֿער איז: מיט
משה רבּינו.
אורייתא היא דקא מרתהיה ליה —
[אויריַיסע הי דקאָ מראַסכע ליַי] זאַץ. תּח.
< תּענית, ד/א. 'די תּורה איז עס וואָס קאָכט
אין אים'. געניצט בּײַם כאַראַקטעריזירן אַ
ישיבֿה־מאַן און מלמד זכות זײַן אויף אים,
אָדער בּײַם אָננעמען זיך פֿאַר אַ תּלמיד־חכם,
אַ לערנער, וואָס צעהיצט זיך, ווערט אין כּעס.

אורילניק — [ווייכע □] דער, ־עס. < אוק,
רוס. נאַכט־טאָפּ, נאַכט־כּלי. אורינאַל.
אורים־ותומים — [אורים ווּעטומים] די. בּמ.
לויט שמות, כח, 30 □אַ. בּרכות, ד/א. 'ליכטער
און ריכטיקייטן'. „אורים איז טײַטש דר
לײַכטין אונ, תּומים איז טײַטש דר גענצן“, טח,
שמות, כח, 30. 1. אַלט־ייִדישע פֿאָרעם פֿון
אָראַקל. טײַערע שטיינער, אײַנגעפֿאַסט אין
חושן (בּרוסטשילד) פֿון כּהן־גדול. [
טראַדיציאָנעלע פֿאָרשטעלונג: דורכן אויפֿשײַנען פֿון די
אותיות האָט זיך געהאַט אַנטפּלעקט גאָטס
רצון. אויף די שטיינער זײַנען געווען
אויסגעקריצט די נעמען פֿון די אָבֿות און פֿון די
שבֿטים, און דעם ענטפֿער פֿון א'־ות, האָט
דער כּהן־גדול אַרויסגעלייענט פֿון די
אויפֿגעשײַנטע אותיות (יומא, עג/ב אאַ). א'־ות,
זײַנען געווען נאָר בּיזן ערשטן חורבּן (□וטה,
מח/ב). מע האָט זיך נאָכגעפֿרעגט בּײַ א'־ות,
נאָר וועגן מלוכה־ענינים, דערעיקר וועגן
אָנהייבּן אַ מלחמה.] גלייבּן ווי אין א'־ות'. „און
דו זאָלסט אַרײַנטאָן אין דעם חושן פֿון
בּאַשייד די א'־ות', און זיי זאָלן זײַן בּײַ אַהרנען
אויפֿן האַרצן, ווען ער קומט פֿאַר גאָט„, תּי,

שמות, כח, 30. ,,און, זי פֿרעגיטן דיא קינדר ישׂראל דורך א, ות, אַן גאָט,,, סהמ, שופֿטים, 1716. ,,און ער וועט פֿרעגן פֿאַר אים דעם באַשייד פֿון די אורים [אָן תּומים גענוצט נאָר בײַם איבערגעבן אַ פּסוק] פֿאַר גאָט,,, תּי, במדבר, כז, 21. ,,זיי האָבן געפֿרעגט בײַ די א׳־ות, אויב זיי וועלן מצליח זײַן,,, איבז יעבֿץ, עין־יעקבֿ, וואַרשע תּרמ״ו, ברכות, ה/ב.

826

,,דאָס געריכט פֿון די א׳־ות, — דורך זיי האָט מען געוואוסט קלאָר איטלעכע זאַך נאָך איר אופֿן״, מלרה, מ/ב. — ,,איך בין מצורע?! מיך מחוץ למחנה?! ניין! טו אויס דעם אפֿוד, רײַס אַראָפּ די א׳־ות, פֿון דײַן ברוסט!,, פֿרוג

,

I, ,מחוץ למחנה'. ,,און קאַלט געפֿינקלט האָבן אויף זײַן ברוסט די א, און די ת׳־שטיינער... קיין איינער ניט פֿון זיי האָט אָנגעצונדן זיך,,, יהואָש, 'שאול,.

2. נאָמען פֿון אַ צאָל אַנאָנימע ספֿרימלעך צו טרעפֿן דאָס מזל, צו דערגיין וואָס עס וועט געשען.

3. פֿיג. קוואַל פֿון וויסן, מיטל צו דערגיין דעם אמת. „די האַנטביכער זײַנען דאָך אייגנטלעך א'־ות, פֿאַר דעם בילדונג־דאָרשטיקן מענטשן„, אאר.

4. פּירוש פֿון ר, יונתן אייבעשיץ אויפֿן חושן־משפּט. אַרײַנקוקן אין א'־ות, כּדי צו פֿאַרשטיין דעם דין אין חושן־משפּט. אויו דער פֿאַרבײַט־נאָמען פֿון מחבר. „ער האָט יונגערהייט פֿאַר אַן עילוי געשמט, אַן אײַזערנער מוח — האָט מען געזאָגט, אַ נײַער חתם־סופֿר, אַן א'־ות,“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

אורי'ן — די. ־ען (פֿאַרשיידענע מינים). < איי < ל. השתּנה, פּישעכץ. פֿליסיקייט וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין די נירן, קלײַבט זיך אָן אין א'־ז ע ק ל אָדער א'־פּ ע נ כ ע ר (אויך: א'־ב ײַ ט ל, א'־ב ע כ ע ר, א'־ב ל אָ ז) און ווערט אַרויסגעפֿירט דורכן א'־ט ר ײַ ב ל אָדער א'־ק אַ נ אַ ל (אויך: א'־פֿ י ר ע ר, א,־ר ע ר ל, א אַ פּ אַ ר אַ ט). לאָזן א'. טרײַבן א'. „די

'□

שטונקדיגה וואשׂר די דא זײַן אין דײַן גוף און, דער אורשפּרונג פֿון דעם א'...„, שבֿט מוסר, פֿיורדא 1763. „אין אייטער פֿון שליים

פֿון א׳־קאַנאַל בײַ קראַנקע מיט טריפּער,,,
צש פֿגעז, ווילנע 2 l923, No־3. ,,נאָענט צו

׳
דער גלײַכער קישקע ליגט [בײַם פֿראָש] אַ
דינוועטלדיק ווײַס זעקעלע — דער א׳־
פענכער,,, יאַכ. ,,בײַ די ירושלימער ייִדן...
אָפּשפּרעכערס און אָדער־האַקערס...א׳־צאַפּערס“, בּ.
קאָראַלניק, פֿגעז, ווילנע 23 1927, No. ,,פֿון יעדער
ניר גייט די א, דורך אַ רערל אַראָפּ אין
א׳־בלאָז (פּעגכער),,, פֿגעז, פּאַריז 1 1950, No.
,,אַ צווייטער ראַסן־פֿאַקטאָר וועלכער
פֿאַרגרעסערט די ווידערשטאַנד־פֿעאיקייט פֿון ייִדן לגבי
לונ⃞ ען־טובערקולאָז איז...א׳־דיאַטעזע וועלכע
איז זייער פֿאַרשפּרייט בײַ ייִדן,,, טאָז,
וואַרשע 25 1928 XII. א׳־ש ט אָ ף. א׳־פֿ ל אַ ש.
אורינאַ׳ל — דער, ־ן. 1. כלי צו אורינירן.
כלי צו האַלטן אורין (בײַם טעסטירן). 2.
אײַנגעבויטע, אײַנגעמויערטע כלי צום אורינירן.
,,בכלל דאַרף מען האָבן פֿאַר 40 ייִנגלעך איין
קלאָזעט און איין א׳,,, פֿגעז, ווילנע 1928,
No 2. פֿטמ: רינאַל.
אורינאָמעטער — דער, ־ס. מכשיר צו
מעסטן אורין, ספּעצ, צו באַשטימען די
ספּעציפֿישע גראַוויטעט פֿון אורין.

אורין־זײַערס — דאָס. ווײַסלעך זײַערס אָן ריח און אָן טעם וואָס איז אין קלײנע קוואַנטומס פֿאַראַן אין אורין. כעמישע פֿאָרמל

אדרר־ימי□]

□O □ □נ □] □ □). „ווען דער אַלגעמײנער מצבֿ פֿון די טובערקולאָזע קראַנקע פֿאַרבעסערט זיך, דערגײט דער אינהאַלט פֿון א,־ז, אין בלוט צו דער נאָרמע„, טאָז, וואַרשע 1928 X□I 25.

אורינירן — אוטוו. ־ניר, אורינירט. לאָזן אורין, משתּין זײַן, גײן מיט וואַסער. „האָט צוריקגעהאַלטן די אורינירונג...כּדי ווי ווײַט מעגלעך אויסצומײַדן דעם װײטיק וואָס די וואונד האָט געשאַפֿן בײַם א׳„, פֿגעז, פּאַריז 2 1950, No־3. ־ונג.

אור□עוו — גנ. אײגנטלעך אָריעוו.: □.

□[ee□]□O]. קרײַזשטאָט אין בעס. 1897 — 7,149 ייִדן צווישן 12,300 אײַנוו.. אין אָרטיקן פֿאָלקלאָר כעלעם פֿון בעס: יעדן זומער מאַכט מען אין א, אַ גרויסע סעודה פֿאַר משוגעים פֿון דער גאַנצער סבֿיבֿה, יעדער משוגענער קען

קומען פֿרײַ געניסן, ער באַדאַרף נאָר
מיטבּרענגען אַ פּאָלאָניק.
אוריצירה — [או'ריעצי'רע] די ־רות.
אורשאַפֿונג פֿאַרבּראשיתדיקער בּאַשאַף. נעאָל. מ.

,

שטריגלעך.
אַוריקל — דער, ־ען. < איי < ל פֿאָדערשטע

.

אָדער אייבּערשטע קאַמער פֿון האַרץ. פֿאַראַן
אַ רעכטער און אַ לינקער אַ'. [זעט אויס אַ
בּיסל ווי אַן אויער, דערפֿון דער נאָמען פֿון

,

a11ris = אויער□]

.

אור־כשדים — [...קאַסדים] גנ. < בּראשית,
יא, 28, 31 אאַ. אַמאָליקע שטאָט אין
דרוםמערבֿ פֿון בּבֿל, בּײַם טײַך פּרת; געבּוירן־אָרט
פֿון אַבֿרהם אָבֿינו. „און תּרח האָט גענומען
זײַן זון אַבֿרמען און זײַן אייניקל לוט...און
זײַן שנור שׂרי...און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען
מיט זיי פֿון א־כּ, צו גיין קיין לאַנד כּנען“,
תּי. „אויף די גאַנצע וועלט איז נישט געווען

זײַן גלײַכן [ווי אַבֿרהם אָבֿינו] ווי נאָך אין די פֿאַרדאָרבענע שטאָט א'־כ'„, א.
מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898. [א'־כ, איז געווען אַ מעטראָפּאָליע און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין האַנדל און אין קולטור־לעבו.]
אורך — [אוירעך] סובֿ & אַדי. מיי. לאַנג, די לענג. איך האָבֿ לא אורכ[ע ר פּנאי = איך האָבֿ מער ניט קיין פֿרײַע צײַט. קאַל ווב.
אורכאַאָס — דער. מצ נבֿ. לכתּחילהדיקער כאַאָס פֿאַרן וועלטבאַשאַף. פֿאַרבֿראשיתדיקער תּוהו־ובֿוהו. „האָבֿן זיך געעפֿנט די תּהומות פֿון דעם א„„ ייִט, פּוילן II .
אורך־ימים — [אוירעך יאָמי] דער. מצ נבֿ. < תּהליס, כא, 5; משלי, ג, 2, 16. 'לענג פֿון טעג'. 1. לאַנגלעבֿיקייט, דאָס דערגרייכן אַ טיפֿע עלטער. אַריכת־ימים. „און ווי איז אַז דעם חנניא איז קיין א,־י, נישט באַשערט?„, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'. 2. דער וואָס לעבֿט בֿיז אין דער טיפֿער עלטער. ער איז, גאָט צו דאַנקען, אַן א'־י'. אויך: אורך ימיס ושנים.
3. פֿיג. חלק לעולם הבֿא, אומשטאַרבֿלעכקייט, השארת־הנפֿש. „ווער עס לערנט תּורה לשמה האָט ער אויך א'־י, אויף יענער וועלט“, נוצ.

,,ווער עשׂ בּגערט עושר און א'־י, לעולם הבּא דא זאָלין קומן און עוסק בּתּורה זײַן,, נצ1.

אורכענ(טעמענ)טע

.

אורך ימיס אַשׂבּיעהו [...אַסבּיאייהו] תּהלים, צא, 16 — ,,מיט לאַנגע יאָרן וועל איו אים זעטן“, תּי [ווערט צוגעזאָגט דעם גאָטספֿאָרכטיקן].

אורך ימים בּימינה, בּשׂמאלה עושר וכבֿוד [...בּימינא, בּיסמוילא אוישער ווייכאָווע] משלי, ג, 16. ,,אַריכת־ימים איז אין איר רעכטער האַנט, אין איר לינקער האָנט — עשירות און כּבֿוד“, תּי. [אַזוי ווערט געלויבּט חכמה.]

ואורך ימיס תּבֿונה [...טוואונע] איובֿ, יב, 12. בּאַניצט מיט בּבּ: 1. טיפֿע עלטער בּרענגט מער פֿאַרשטאַנדיקייט; 2. ווי אַ

פֿראַגע: איז טאַקע עלטער אַ סימן פֿון קלוגשאַפֿט?
אורכענ(טעמענ)טע — אַדוו. שפּאַ. גלײַך, תּיכּף־ומיד, אָן אָפּלייגעניש. "רוף אַרויס די גיכע־הילף אורכענטע,„ רייד (אַרגענטינע). „ער זאָל, אויב מעגלעך, אורכענטעמענטע אַריבערקומען צו איר אין הויז,„ מ. רובינשטיין, אַ לעבן אין מעקסיקע, מעקסיקע 1952.
אורכראָניק — די, ־עס. עלטסטע כראָניק וואָס ווערט געניצט ווי אַ מקור פֿאַר שפּעטערדיקע. „אַלע דרײַ כראָניקערס האָבן באַנוצט אַן א',„ מ. שולוואַס, איק, ר„ה תּשכ"ה.
אורלאַנד — דאָס, ־לענדער. נעאָל. (סאַמע ערשטע) לאַנד פֿונוואַנען מע שטאַמט. "אַ שטיין, אַ פֿאַרעקשנטער גליד פֿון מײַן א'ס צעזייטן, צעשטויבטן געביין", האָפֿ, איך גלויב, נ„י 1945.
אור לאַרבעה עשׂר — [אויר לעאַרבאָאָ אָסאָר] תּח. < פּסחים, ב/א; ערשטע ווערטער פֿון ערשטער משנה וואָס רעדט וועגן בודק חמץ זײַן. 'ליכט פֿון דעם פֿערצנטן [טאָג אין ניסן]'. בּ: נ אַ כ ט פֿון ערבֿ־פּסח. [לויטן רמבם האָט די משנה ניט געוואָלט אָנהייבן מיט אַ וואָרט וואָס זאָל באַטײַטן נאַכט אָדער פֿינצטערניש]. „ס'איז שוין א, ל, ע, און מײַן

אשה האָט נאָך אַזוי פֿיל אַרבעט!,,

אור לבָן — [...לאָוואָן] דער. מצ נבּ. ווײַס ליכט. ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פֿון אַ צדיק. ,,און, ווען ער [דער נזהר בּטלית גדול וטלית קטן] שטרבּט ציהט מן אים אַן מיט קליידר דיא היישֿן (א, ל') אַזו לויפֿן פֿר אים אַלי דיא קליפּות און, מלאכי־חבּלה אַוועק,,, עח, לבָ, ג.

אור לגויים — [אויר (אָר) לאַ(ליַי).. ▯] פֿראַזע. > ,לאור גוים,, ישעיה, מב, 6; מט, 6. ליכט פֿאַר (די) פֿעלקער. דער אויסדרוק ווערט געניצט אַרויסצוהייבן: א) אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אָדער דאַרף זײַן אַ רעליגיעזער און מאָראַלישער מוסטער פֿאַר די פֿעלקער פֿון דער וועלט. ,,מע האָט געטרוימט וועגן אַ פֿאָלק ככל הגויים און גלײַכצײַטיק האָט מען זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז עס וועט זײַן אַן א, ל',,, איך, 1962 I▯ו 8; בּ) אַז אין ייִדישקייט זײַנען פֿאַראַן אוניווערסאַלע עטישע ווערטן, וואָס די אַנדערע אומות דאַרפֿן זיי איבּערנעמען אָדער זיך אָפּלערנען פֿון זיי. ,,הן בּין אָדם למקום, הן בּין אָדם לחבֿרו מעגן מיר זײַן אַן א, ל,,,. ,,גוואַלד, ייִדן, וואָס איז געוואָ▯ ▯ן אונדז, דעם א, ל'!,, פּאַראַלעל אויך: , יהודים

אַן א, לגויים און אַוודאי אַן א, ליהודים„,
ש. ן. שרגאי, טמז, 7 ‏II 1965.

אורלויב — דער, ־ן. ur־lob, נ‏ ur־lou: ‏M.

1. באַפֿרײַטע צײַט פֿון אַ דינסט (אין אַרמיי, אין אַ הויף, בײַ אַ מאַכטהאָבער אע), וואָס פֿאַר דעם ווערט געגעבן אַ דערלויבעניש. בעטן, קריגן, נעמען א'. קומען אַהיים אויף א'. „ער פֿלעגט פֿריִער, מלחמה־צײַט, אַהיימקומען אויף א, פֿון די פֿראָנטן אויף עטלעכע וואָכן“, א. מ. פֿוקס. „אַלע טעג פֿון מײַן דינסט־צײַט וואָלט איך געהאַרט, ביז מײַן א, וועט קומען“, תּי, איובֿ, יד, 14. „אין געטאָ פֿלעגט אַרומגיין אַ ווערטל, אַז 'מיר אַלע זײַנען מתים אויף א'“, הר אפֿריס אשרי, טמז, 10 ‎X 1961.

2. וואַקאַציע, אורליאָפּ. צײַט אויף אָפּצורוען זיך פֿון אַו אַרבעט, אַ שטעל. זומער־א', ווינטער־א'. באַצאָלטער א'. געצוואונגענער,

כלומרשטער א., א, אויף אַ גאַנצן חודש (צײַט). פֿאָרן אויף א'. אַן א, בײַם ים. א'־רעכט.

3. אַרכ. ג ע בּ ן א, = געבּן אַ דערלויבּעניש אַװעקצופֿאָרן. „איך בּיט אויך איר זולט מיר אור לאָבּ געבּן, װען און מיך קונט איר װאַל לעבּן„, בּבא־בּוך, 640. „געבּט מיר ארלבּ אין מײַן לנד צו ציהן„, 'דער טויטנשלעגער„ פּראָגער מבּ [אַװע III]. „דײַני זאָרג זאָלשׂטו אורלאָבּ געבּן, אַם שבּת זולשׂטו הערליך לעבּן„, בּרכת המזון, אַמשט 1723, יג/ב.

אַרכ. נ ע מ ע ן א, = א) נעמען אָפּשייד; זיך געזעגענען פֿאַרן אַװעקפֿאָרן. „אורלבּ נם ריצרד אונ, בֿון איר שיד ער“, בּבֿא־בּוך, 19. „לסוף נאמן זיא אורלובּ פֿון אַננדר מיט גרושׂן שרײַאן“, מבּ, מעשׂה קע“ט. „און זיא נאַם װידר אורלובּ אונ, ציהט װידר אין איר לאַנד„, צאינה, תּרגום שני; בּ) אַװעקפֿאָרן (אויך אָן אַ זײַ־געזונט). „בּאַלד װאַר זיא אַל דא איבּר רעט, דאז זיא גינג מיט אים צו בּעט. אונ, צו מורגנשׂ, דא דער טאָג הער קאַם — אורלאָבּ ער פֿון איר נאַם“, ספֿר משליס, פֿפֿדמ .1□8□

או'רלויבּניק — דער, ־עס. װנ ־ניצע, ־ס. װער עס האָט אורלויבּ. פֿראַנק און פֿרײַ

ווי אַן א'.

אורלויבער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער עס האָט (איז אויף) אורלויב. אַ זעלנער אַן א'.

אורליאָפּ — דער, ־ן. סל. פּד. דזוו אורלויב, וואַקאַציע פֿאָרן אויף א'. אויך. ־ניק.

— . .

אורליכט — דאָס. מצ נב. דאָס סאַמע ערשטע ליכט. קדמון־ליכט. דאָס א, וואָס שטראַלט פֿון אָדם עילאה (←.).

אורלע — די, ־ס. (שנײַדער□) דאָס וואָס ווערט אַרונטערגעבויגן אונטן בײַ אַ קלייד אָדער אייבערמלבוש.

אורלעסטער, ־לאַסטער — דאָס? מצ נב.

דאָס וואָס .M□d: ur‾ + las□e□ פֿאַרשאַפֿט קרענקונג אָדער שאַנד. בייזע רייד. רכילות. מ□ פֿאַרטײַטשט 'דבתם, (בראשית, לז, 3): "איר אור לסטר". באר משה פֿאַרטײַטשט 'דבת...' (במדבר, יג, 32): "אור לשׂטיר" [תּי: "שלעכטן קלאַנג"]. לקח טובֿ פֿאַרטײַטשט אויך אַזוי 'דופּי, (תּהלים, נ, 20): "אור לשׂטר".

אורמע

,,(ומוציא דבּה) און, דער דא אויש צ י כ ט אורלסטער אויף זײַנום חבֿר“, סהמ, משלי, י, 18. ,,וויא וואַל איך האב גיהערט ויל אור לשׂטיר [אין טעקסט טעות־הדפּוס מיט אַ ד סוף וואָר] און, גרושׂ וואָרנט אום מיך הער און, שפּרעכן: מיר וועלן רכילות איבּר אין טרײַבּן, עדות שקר איבּר אין זאָגן“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, כ, 10.

אורלעצט — אַדי. נעאַל. וואָס איז סאַמע לעצט. ,,עס טונקלט. די לעצטע, די א'ע ליניע פֿאַרלויפֿט מיר אין צאַפּל“, סוצ פּײַערוואָגן.

... ־

־קייט.

אורלשון — [...לאָשן] דאָס (דער), ־ות [... לעשוינעס]. אורשפּראַך. דאָס עלטסטע לשון, וואָס פֿון אים אַנטוויקלען זיך שפּעטערדיקע לשונות.

־דיק — אַדי.

אורמאַטעריאַל — דער, ־ן. סאַמע ערשטער, לכתּחילהדיקער מאַטעריאַל. ,,תּוהו־ובֿוהו...האָבּן פֿאָרגעשטעלט אַ גרויסן קנויל פֿון עלעמענטן,

אַן א, צו בויען“, דא, שוואַרץ־רויט, וואַרשע
.1910

אורמאַטעריע — די, ־עס. עלטסטע,
קדמונדיקע מאַטעריע, שטאָף. ,,האָט אַן אויפֿרײַס פֿון
דער א, געשאַפֿן דעם אוניווערס?,,.

אורמאַכער — דער. אַרכ. לאָקל (קורלאַנד,
בוקאָווינע) פֿאַר כלל־שפּראַך דטשמ. דזוו

זײ
-

.

גערמאַכער. ,,פֿון דיא אוהר מאַכר יעדרר זאָגין
קאָן זיא האָבן איי[ן] קינצליך פּראָפֿיסייאָן, אָבר
דז הבין זי אין זיאר נאַטואר — אַלי מאָל
מוז וואָז פֿעלין אַן דער אוהר“, דוד מוזיקוס,
,איין שין ליד פֿון די הנד ווערקשׂ לײַט,,
1775 [פֿש I]. ,,נקבֿות וואָלטן זייער גוט
געקענט טויגן פֿאַר א',,, קמ, 22 1866, No.
־ערײַ.

אורמאַמע — די, ־ס. עלטסטע, קדמונדיקע
מאַמע, וואָס איז דער אָנהייב פֿון אַ קייט
מאַמעס. ,,און די זון, אונדזער א', רייניקט אַלע
שאָטנס און שמעקט ווי אַ גערטל“, סוצ,
וואַלדיקס.

אורמוטער — די, ־ס. אורמאַמע. עלטסטע,
קדמונדיקע מוטער וואָס פֿון איר הייבט זיך
אָן אַ קייט שפּעטערדיקע מוטערס. די א,
פֿון שבֿט. חוה — אונדזער א'. „ווענוס האָט
[יוליוס צעזאַ□] דערקלערט ווי זײַן א'"„ ר.
ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, בּ"„א 1957.
אורמוסטער — דער, ־ן. סאַמע ערשטער
מוסטער פֿאָרמוסטער, וואָס פֿון אים אַנטוויקלען

-

,
זיך שפּעטערדיקע מוסטערן. א, פֿאַרן בּויען
טעמפּלען. אַ פּרימיטיוו עשׂתּורת־פֿיגורל, אַן
א, פֿאַר געשטאַלטן פֿון דער געטין פֿון
פֿרוכטיקייט. „די זאַכן וואָס זײַנען בּאַשאַפֿן
געוואָרן לפֿי זײַנע א'ן"„ א. ליפּינער, איק, פּסח
תּשכ"„ד.
אורמײַסטער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. סאַמע
ערשטער מײַסטער (וואָס פֿון אים האָבּן זיך
געלערנט אָדער אים נאָכגעמאַכט שפּעטערדיקע
מײַסטערס). „תּובֿל־קין, דער א, פֿון אַלע
קופּערשמידן"„.
אורמע — די, ־ס. < מאָלדעוואַניש. בּעס, רום,

אוקר. 1. סליאַד, סימן, צייכן — ספּעצ

אורמענטש

פֿון די טריט פֿון בהמות. 2. אָרט, וועג,
וואו מע טרײַבט בהמות און איז אויסגעטראָטן
פֿון זיי. איבערלאָזן אַ געשטאַנק ווי אַן אורמע.
[ייִדן זאָגן עס אויך אויף מאָלדעוויש: 'פּוטי
די אורמאַ, = לאָזט איבער אַ געשטאַנק]
אורמענטש — דער, ־ן. מענטש פֿון סאַמע
ערשטע צײַטן, ווען דער מין מענטש האָט
זיך באַוויזן. די א'ן אין די היילן. „מיר דאַכט
זיך אַז איך בין אַן א, פֿון שניי מײַן
גע,
צעלט...אַן א, וואָס איז אונטערטעניק דער
בייזער נאַטור“, אַר, ,דער שניישטורעם'.
־הייט.
אור מקיף — [אָר (אויר) מאַקיף] דער. מצ
־ות ־ים. 1. (קבלה) ליכט וואָס נעמט אַלץ
אַרום, דרינגט אַרײַן אין אַלץ, דרינגט אַרויס
פֿון אַלץ. דאָך איז א, מ, פֿון אַ נידעריקער
מדרגה, ווײַל עס נידערט אַראָפּ פֿון דער וועלט
פֿון אַצילות ביז צו דער וועלט פֿון עשׂיה,
וואָס דער מענטש קען זי דורך זײַנע חושים.

[←. אור עליון, ← אור חוזר.] ,,די פּאַרע וואָס קומט אַרויס בײַם רעדן ווערט אַ בחינה פֿון א, מ',,, תּניא. 2. שבת־ליכט. מיסטישע און פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרשטעלונג וועגן כּוח פֿונעם ליכט פֿון שבת וואָס ווירקט אויף אַלץ און אַלעמען. [אַפֿילו דער רשע גמור האַלט זיך אָפּ פֿון משקר זײַן. לויט ירושלמי דמאי, ד.]

אורן — ארכ אויסלייג פֿון אָרן (←) = דאַוונען, תּפֿילה טאָן. לדוגמא: ,,אַן טאַנצן אונ, אַן אורן קענט מן מענכן נאַרן אונ, טאָרן,,, ספֿר משלים, פֿפֿדמ □)8□1.

אורנאַטור — די, ־ן. נאַטור אָן שום זכר, אָרײַנמיש, ווירקונג פֿון ציוויליזאַציע. די שיינקייט פֿון דער א'. "עס איז דער סוד פֿון דער ריינער נאַטור. פֿון דער א'...עס באַרוישט

□

מיך!,,, נאַד איבז, אַלטענבערג, ווי איך זע עס, נ"י 1919.

אורנאָמען — דער, ־נעמען. סאַמע ערשטער נאָמען. עלטסטער נאָמען. "דאָס האָט אַ שײַכות מיטן א, פֿון די ענגלענדער: Bri□on , אאר,

□ □

ייִשפּ XX I, 3.

אור נגלה — [אָר (אויר) ניגלע] דער. מצ נבֿ. צבֿ. אַנטפּלעקט ליכט. היפּוך פֿון אור נסתּר, ←. ליכט פֿון דער תּורה, פֿאַרשטאַנען לויטן פּשט פֿון די ווערטער. „א, נ, איז פֿאַרן טרוקענעם לערנער“.

אורנוסה — [...נוסעך] דער, ־חאות [...נוסכאָעס]. עלטסטער, פֿריִערדיקסטער נוסח, סיסטעם, מוסטער. „דער ־ס [אין מערצאָל] איז נענטער צו אונדזער א'“, אאר, ייִשפּ XXII, 1.

אור נסתּר — [אָר (אויר) ניסטער] דער. מצ נבֿ. צבֿ. פֿארבֿארגן פֿאַרבֿאַהאַלטן ליכט. היפּוך

— ,

פֿון אור נגלה. (מיסטיש) ליכט פֿון דער תּורה, פֿאַרשטאַנען לויט רמז, דרש און דערעיקר ס ו ד. „נאָר אַנשי ח“ן זעען דעם א, נ'“.

אורנע — די, ־ס. < איי < ל. 1. הויכע וואַזע וואָס האָט געוויינלעך אַ פֿוס אָדער א פּעדעסטאַל. גלאַדיאָלעס אין אַ שמאָלער און הויכער א'. „אין הימלזוים ווײַזט זיך אַ פֿלאַם

נאָך אַ פֿלאַם; עס צינדן די א'ס [טעקסט: א'ן]
זיך אין די הייכן“, אַל II, 'בײַם זונאויפֿגאַנג'.
2. קעסטל וואו מע לייגט אַרײַן די
שטימצעטלען בײַ וואַלן. ו ו אַ ל א'. „צו די א'ס,
ייִדן, גיכער...ווי אַ שטורעם, ווי אַ וויכער זידט
דער וואַלקאַמף טאָג און נאַכט“, פֿרוג III. „מײַן
שטימע ליגט שוין אין א'„, רייד.
3. קרוג אָדער קעסטל וואו ס'ווערט
אויפֿגעהיט דאָס אַש נאָכן קרעמאַטירן פֿאַרבּרענען
,
אַ געשטאָרבּענעם. „געהאַלטן בײַ זיך די א,
מיטן מאַנס אַש„, רייד. „אין יד־ושם געפֿינט
זיך אַן א, מיט אַש, אַ זכר פֿון די מיליאָנען
נאַצישע קרבּנות“.
אורנעפּל — דער, ־ען. אוראַלטער אָדער
זייער געדיכטער נעפּל פֿון פֿאַר וועלטבּאַשאַף.
„גאָר ווײַט אין לעגענדאַרן א', שײַנט אַרויס
נאָך עפּעס רעכטס„, מ. שטריגלער, איק,
ראשהשנה תּשכ„א.
אורסיבּה — די, ־בּות. סאַמע ערשטע
לכתּחילהדיקע סיבּה. „די א, פֿון אַלדאָס שלעכטס“,
צײַט, טמז, 1 3 19 III.
אורסלאַוויש — אַדי. וואָס פֿון די עלטסטע
צײַטן אָן איז עס פֿון (איז כאַראַקטעריסטיש

פֿאַר) די סלאַוון. א'ע מנהגים. סובֿ. די עלטסטע סלאַווישע שפּראַך וואָס פֿון איר האָבן זיך אַנטוויקלט די שפּעטערדיקע סלאַווישע לשונות.

אורסעמיטיש — אַדי. וואָס פֿון די עלטסטע צײַטן אָן איז עס פֿון (איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) די סעמיטן. ״די טעאָריעס וועגן אַן א'ן מאָנאָטעאיזם און אַ בילדלאָזן קולט...האָט ניט קיין שום יסוד״, א. מענעס, ייִד, ענצ', ייִדן, בּ. ״אַנטפּלעקט די העברעאישע שפּראַך וואָס איז נאָך לפֿי־ערך גענומען נאָענט צום א'ן מקור״, מיכאל א▯טור, ייִבל XIII, 5־6. סובֿ. די עלטסטע סעמיטישע שפּראַך וואָס פֿון איר האָבן זיך אַנטוויקלט די שפּעטערדיקע סעמיטישע לשונות.

אורסקיצע — די, ־ס. סאַמע ערשטע סקיצע, גאָר ערשטער אָנוואָרף פֿון אַ פּלאַן, סכעמע, בילד, ליטעראַריש ווערק. אָפּקויפֿן די א'ס פֿון אַ באַרימטן מאָלער.

אורע — די, ־ס (געניצט געוויינלעך אין מצ). לעכל(עך) אין בהמהשער פֿעל אויפֿן רוקן [קומט פֿון דעם וואָס אַן אינזעקט האָט דורכגעגעסן אויף דער לעבעדיקער בהמה]. אַ פֿעל מיט א'ס האָט אַ קנאַפּן ווערט.

אורע — ספּעצ, לאָקאַלע פֿאָרעם פֿאַר אור

(←.) = זייגער, שעה. „אין טאָגטעגלעכן לעבן
ווערט באַנוצט נאָר זייגער. אין שול איז
פֿאַרבליבן א'. „דער שמש פֿלעגט אַ קלאַפּ געבן
אין באַלעמער אַרײַן און אויסרופֿן בקול רם:
'זמן שחרית א, אַכט,“, ש. ווינטער, 'פּרקוו
פֿון אַ וואָלצלאַווקער אידיאָטיקאָן, ייִפֿאַ, 1939, 2.
אורעאַ, אורעע — די. < איי < גר. (
בּיִאָכעמיע) אַזאָטישע (ניטראָגענישע) פֿאַרבינדונג
□(□□]□נ) O□), וואָס איז דער וויכטיקסטער
האַרטער שטאָף פֿון אורין בײַ מענטשן,
זייגחיות און אויך בײַ אַ צאָל אַנדערע
בעליחיים. „פּראָטעאין קאָן דער קערפּער ניט
פֿאַרברענען אינגאַנצן...נאָר עס בלײַבט פֿון

אור־עליון

דעם אַ צונויפֿזאַץ וועלכער הייסט א, און קומט
אַרויס דורך די נירן“, דר, י. מערימאָן,
היגיענע. אורעאי'ד — כעמישע פֿאַרבינדונג פֿון
אורעאַ און אַ זײַערס דורך עלימינירן וואַסער.
אַורעאָמיסי'ן — דער, ־ען. (בּיִאָכעמיע,
מעדיצין) אַנטיביִאָטיק, איזאָלירט פֿון
מיקראָאָרגאַניזמען פֿון באָדן. זייער פּעולהדיק קעגן
קראַנקייטן, אַרויסגערופֿן פֿון באַקטעריעס. „די

מעדיצין דיספּאָנירט הײַנט צו טאָג מיט אַ רײ
זייער ווירקזאַמע מיטלען ווי סולפֿאַמידן:
פּעניצילין, סטרעפּטאָמיצין, אַוראָמיצין,,, פֿגעז,
פּאַריז 1 1951, No־2.
אורע־בורע — די, ־ס. טומלעניש, בורעניש
(מיט קריגערײַען, געשרייען). ,,דאָ איז אַ
גאַנצע א'־ב', לאָמיר בעסער אַוועק פֿונדאַנעט,,,
דייד.
אור עולם — [אויר אוילאָ□] דער. בא. תח.
< ישעיה, ס, 19, 20. דאָס אייביקע ליכט.
די געטלעכקייט. ,,ניט דער שפּאַקטיוו, ניט דער
טעלעסקאָפּ דערזעען דעם א, ע', נאָר דאָס
האַרץ פֿון דעם מאמין“.
אורעטער — דער, ־ס. < איי < גר.
u□eter, ourete□. אורין־קאַנאַל וואָס פֿירט
אורין פֿון אַ ניר א י ן אורין־פּענכער. ,,דער
א, איז אַ זייער לאַנג און שמאָל רערל וואָס
ציט זיך אַראָפּ פֿון די נירן, בייגט זיך אײַן
און דערפֿירט די אורין ביז צום אורין־זעקל,,,
דר, ע. פּאַט, טמז, 13 □ III 1961. אורעטיק
— מיטל צו לאָזן אורין.
אורעטרע — די, ־ס. < איי < גר.
uretra, ou□e1□ra. קאַנאַל (בײַ מענטשן און

זייג־חיות) וואָס פֿירט אַרויס אורין פֿ ו ן
אורין־פֿענכער און בײַ ערן אויך דעם זאָמען.
אורעטריט — אָנצינדונג פֿון אורעטרע.
אורעטראָסקאָפּ — אינסטרומענט צו
עקזאַמענירן די אורעטרע. ־פּיע.
אורעלטערן — די. בֿמ. עלטערזיידעס און
עלטערבאָבעס, אויך פֿון ווײַטערע דורות פֿון
עבֿר. “אויך מײַנע א, האָבן געלעבט אין דעם
זעלביקן שטעטל”, רייד.
אור־עליון — [אָר (אויר) עליען] דער. ־ות ־ים
[אוירעס עליוינים]. < אור החיים, בראשית,
כח, 14. פּפֿ: אור־העליון. ליכט(יקייט) פֿוו
אויבן. העכסטע מדרגה פֿון ליכט. ליכט פֿון
הימל. גאָטס ליכט. 1. (קבלה) אויסשטראַלונג
וואָס קומט דירעקט פֿון אין־סוף (←.) דורך
דער פֿאַרמיטלונג פֿון אָדם עילאה (←) אָדער
אָדם קדמון (←.) און נידערט אַראָפּ אין דער
וועלט פֿון אַצילות [דאָס ווײַטער
אַראָפּגענידערטע ליכט איז אור מקיף ←]. „לײַכט דער
א־ע, און ער פֿאַרשפּרייט זיך אין עולמות
און גלײַכט אויס אַלע פֿאַרקרימונגען און אַלע
פֿעלערן”, תּניא, רל. „באותה שעה אַז די
דבֿריתורה גייט אויס פֿון מויל, איז זיא עולה
למעלה אונ שטעלט זיך פֿאַר הקב”ה, אַזו

נעמט הקב"ה דעם זעלביגן דיבור און קישט
און קריינט עס מיט זיבציג קרונן פֿון די
א'ות ע'־ים", נצ1, בראשית. "דרײַ מאָל אַלע
טאָג קומט אין דעם היכל [פֿון בעלי־תּשובֿה]
דאָס א'־ע, און איטלעכער איז נהנה נאָך זײַן

אורעלעמענט

מדרגה,,, נוצ I. 2. פֿיג. העכסטע מדרגה פֿון
גײַסטיקייט, נשמהדיקער געלײַטערטקייט. ,,...זעט
זיך דורך דער א, הע, וואָס איז שורה על
הצדיק,,, לדב, קפז. פּרגל אור התּחתּון.
או'רעלעמע'נט — דער, ־ן. עלטסטער,
קדמונדיקער עלעמענט. ,,עמפּעדאָקלעס האָט
אַרויסגעפֿונען פֿיר אַזוינע א'ן אָדער יסודות. פֿײַער,
.
וואַסער, ערד און לופֿט", יאַשונסקי איבז, דאָס
וועלט־בילד, וואַרשע 1923.
אורעמיע — די, ־ס. < איי < גר. (מעדיצין)
פּאַטאָלאָגישער צושטאַנד, ווען אין בלוט איז
פֿאַראַן צו פֿיל אורעע. ,,אין מעדיצין ווערט
די דאָזיקע [הונגער־]קוראַציע אָנגעווענדט אין
שווערע פֿאַלן פֿון נירן־קראַנקייטן (א'),,, פֿגעז,
ווילנע 19 1930, No. ,,אויב דאָס בלוט איז

גאָר שטאַרק איבערגעזאַלצן מיט 'יורעאַ, —
באַוווײַזט דאָס אַז די נירן זײַנען באַשעדיקט...דעם
מענטשן דראָט אַ לעבנס־געפֿערלעכער צושטאַנד
— א',,, דר, ע. פּאַט, טמז, 13 ￼ 1961 III.
־מיש — אַדי. אין אַן א'ן צושטאַנד.
אורעע — → אורעאַ.
או'רעקסיסטע'￼ן — די. סאַמע ערשטע,
לכתּחילהדיקסטע עקסיסטענץ. ,,געהערן
לעבעדיקע קעמערלעך צו דער א, אויף דער ערד?“.
אורערשט — אַדי. וואָס איז סאַמע ערשט.
,,פֿליִען מיר אַלץ ווילנלאָז ווי אין דעם א'ן
פֿלי,,, אַל 1935 ,II. ,,דאָרטן וואַרטן שוין
ביימער אין א'ע ערטער,,, האָפּ, בירעבידזשאַן, זב,
מאָסקווע 1936. ,,טראָג איך זיך ערגעץ מיט
א'ן גאַנג און געפֿיל“, מוצ, וואַלדיקס. סוב.
דער א'ער. דאָס א'ע. ־יק — אַדי. ,,ס'איז
טויט נאָך ניט געווען, אויך נישט אומטויט;
ס'איז נאַכט נאָך נישט פֿאַראַן — געווען בלויז
אָטעם, א'ס נאָר און גאָרנישט מער“, צײַט,
גש I. ־יקייט — ,,'ראשון ואין ראשית
לראשיתו, — אורערשטער און נישטאָ קיין
אָנהייב צו זײַן א',,, מ. גראָסמאַן, היימיש,
אַפּריל־מײַ 1961.

אורפּהד — [...פּאַכעד] דער, ־ים [...פּכאָדים].
סאַמע ערשטע איבערלעבונג פֿון שרעק,
אורשרעק. „דער ערשטער מענטש האָט תּפֿילה
געטאָן. די תּפֿילה זײַנע איז געווען פּרימי..
טיוו, פֿול מיט א',„ אפֿא, טמז, 8 1959 X.
אורפּלאַזמע — די, ־ס. ערשטע לכתּחילהדיקע,
בּראשיתדיקע פּלאַזמע. די א, מיט אירע
לעבעדיקע קעמערלעך. ־מיק, ־מיש — אַדי.
אורפּלוצלונג — אַדוו. אַרכ. גאָר אומגעריכט.
דזוו אורבּליצלינג ←. פּפֿ: ~פּ יצ
~פּליצלונג, ~פּליצליג, ~פּליציג. אויך:
~פּליצליך, ~פּלעצלעך. „דרײַערליי זאַכן
קומען אורפּליצלינג:...משיח,...מציאה,...
עגדיש,„ ר, אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם,
לאַשטשעוו 1817. „איך וויל אויף זיא אורפּליצלונג
און, און פֿר זעהן איבּר פֿאַלן לוסן", מ.
שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, טו, 8. „דא
שפּראנגן זיא איבּר אין אורפּליצליג און, אירי
שווערטער וואַרן בּלוס אין אירן הענדן",
יוסיפֿון, אַמשט 1661, ט/ב. „דא שיקט דער קויניג
אורפּליציג נאָך זײַנן קנעכטן" [אַווע III, 513].
„איך וויל גינעהן דאז זילבּיג אגן פֿליק [=

אויגנבליק], אורפליצליך זעלין זיא אין ור
ווישטן,,, מ. שערטילש, ספר ירמיה, נ, 44.

אור־פנים — [אויר (אָר) פאָני] דער. מצ נבֿ. צבֿ. אויפֿן סמך פֿון תהלים, פט, 16 אאַ. ליכט פֿון פנים. שמייכלענדיקער אויסדרוק פֿון צופֿרידנקייט, וואוילטאָג אע. [געניצט ספעצ ווען די סיבה איז אַ מצווה וואָס מען איז מקיים, אַ דין וואָס מע געפֿינט אויס, תורה וואָס מע לערנט] אויפֿנעמען אַ ליבן גאַסט מיט אַן א'־פ'. אויך: א, פניך [...פאָנעכאָ] — ,,השי,,ת האָט אין אונדז [יידן] אַרײַנגעגעבן אַהבֿת־חסד דורך א, פ', כבֿיכול“, דר, ה. זײַדמאַן, טאָג, 1909 II ו 8.

אור פנימי — [אָר (אויר) פנימ] דער. מצ נבֿ. אינעווייניקסט ליכט. 1. (קבלה) ליכט וואָס בלײַבט ניט־אויסגעשטראַלטערהייט אין די צען ספֿירות פֿון אַצילות. ,,דורך מקיים זײַן די מצוות ווערט נמשך דער אור מקיף [←.] און לײַכט אַרײַן אין די צען ספֿירות פֿון אַצילות מיט דעם א, פ',,, תניא, קד. ,,שפּײַז

איז אַ בחינה פֿון א, פּ, און לבֿושים זײַנען
אין דער בחינה פֿון [אורות] מקיפֿים“, דאָרטן.
אויך: א, פּ, קדמון — „דערנאָך איז דער
'א, פּ, ק', דאָס הייסט די מחשבֿה מכּח אַל
הפּועל אַרויס. ס'האָט אָנגעפֿאַנגען אָפּצושיידן
זיך בהדרגה...צען גײַסטלעכע קרעפֿטן...ספֿירות„,
מבּ“ם, הוגה דעות I, ווילנע 1912. 2.
דערהויבנקייט, גײַסטיקייט וואָס באַלײַכט דעם מענ..
טשן פֿון אינעווייניק. „אַ מענטש אַ
פֿאַרצרהטער, נאָך מיט אַן אָפּשײַן פֿון א, פּ'„, רייד.
אורפּעך — דער. מצ נבֿ. פּעך וואָס באַקומט
זיך בײַ טרוקענער דיסטילירונג פֿון
שטיינקוילן מיט אַ טעמפּעראַטור 500 600 גראַד
צעלסיוס.
אורפּרעמיערע — די, ־ס. גאָר ערשטע
פּרעמיערע. „די א, פֿון 'דיבוק'„, דר, מיכאל
וויי ערט.
א ר פּשוט — דזוו אור אין־סוף ←, ספּעצ
אין דער פֿונקציע פֿון פֿול מאַכן דעם חלל
פֿון דער וועלט.

אורסאָטער — דער, ־ס. קדמונדיקער, ערשטער, לכתּחילהדיקער פֿאָטער, וואָס פֿון אים שטאַמט אַרויס אַ שבֿט, אַ פֿאָלק אע. „אַבֿרהם אָבֿינו, דער א, פֿון אונדזער פֿאָלק“, פּ. קריטשעווסקי, יודען און יודענטתום, באַרדיטשעוו 1894. ־יש — אַדי.

אורפֿאָטערלאַנד — דאָס. מצ נבֿ. דאָס עלטסטע פֿאָטערלאַנד, סאַמע ערשטע פֿאָטערלאַנד. א, פֿון די אַריער; א, פֿון די סעמיטן.

אורפֿאָלק — דאָס, ־פֿעלקער. 1. זייער אַלט פֿאָלק. דאָס ערשטע, לכתּחילהדיקע פֿאָלק אויף אַ באַשטימט לאַנד. די סומערן, דאָס א, בײַ די ברעגן פֿון פּרת. 2. קדמון־פֿאָלק וואָס פֿון אים זײַנען אַרויס פֿאַרשיידענע פֿעלקער. „איז טאַקע געווען איין אַריש א'?“ ־יש — אַדי.

.

־ישקייט — „אין יעדן גלות האָבן ייִדן אַ סך פֿאַרלוירן פֿון זייער א'„, מ. שטריגלער, איק, פּסח תּשכ“ד.

אורפֿאָרעם — די, ־פֿאָרמען. סאַמע ערשטע, לכתּחילהדיקע פֿאָרעם. א, פֿון אַ וואָרט. „

צואורצײַט

קוקנדיק זיך צו דער...פֿאַרשיידנקייט פֿון די
געוויקסן, איז...[ע] געקומען...צום געדאַנק אַז
אַלע שטאַמען זיי פֿון איין א'“, צש פֿגעז,
—
,
ווילנע 7 1932, No. ־דיק, ־פּאָרמיק —
אַדי.
אורפֿויגל — דער, ־ען, ־פֿייגל. גאָר
לכתּחילהדיקער, קדמונדיקער פֿויגל (וואָס פֿון אים
האָבּן זיך אַרויסאַנטוויקלט פֿאַרשיידענע מינים
פֿייגל). דער לעגענדאַרער א, זיז וואָס גרייכט
בּיזן הימל. משונהדיקע אורפֿייגל.
אורפֿלאַם — דער, ־ען. סאַמע ערשטער פֿלאַם;
אורקוואַל פֿון פֿלאַם, פֿון פֿײַער. ,,...אין אַ
נײַעם ליכט האָט וועלט בּאַנומען, צום א, דורך
זײַן לערע צוגעקומען,,, מלכּה לי.
אורפֿלאַנץ — די, ־ן. גאָר ערשטע, עלטסטע
פֿלאַנץ, וואָס פֿון איר האָבּן זיך
אַרויסאַנטוויקלט פֿאַרשיידענע מינים פֿלאַנצן. די א, פֿון
פּאָלאַרע שטחים. ־יק — אַדי.

אורסערד — דאָס. מצ ווי אצ. דאָס עלטסטע,
לכתּחילהדיקע פֿערד, וואָס פֿון אים האָבּן זיך

אַנטוויקלט שפּעטערדיקע מינים פֿערד. „די היים פֿון א, איז געווען אין אַזיע“.

אורסרוי — די, ־ען. גאָר עלטסטע, קדמונדיקע פֿרוי, אָנהייב פֿון גאַנצן מין פֿרויען פֿרוי
.
פֿון אוראַלטע צײַטן. „האָט שוין די א, זיך געפּוצט?„. ־איש — אַדי□

אורצאָל — די, ־ן. אַרכ. (M□ □: ur־□ □l(e.
סכּנה, אומגליק. בּלבּול; פֿאַלשער, כּיטרער אויסרייד. „אַז ער הט ענטפֿאַנגן...דען בּריף דען דאזיגן..., דא גיפֿאַנד ער איין אורצאל, דשׂ ער וואָלט ווידר ווערדן גליבּט צו דעם קעניג הורדוס“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. מ□ t
פֿאַרטײַטשט 'והנה הוא שׂם עלילת דבֿרים, (דבֿריס, כב, 14): א, [תּי: „בּלבּול„]. פֿון א, — ווערבּ אורצאָלן — האָבּן פֿאַלשע טענות, זיך בּאַקלאָגן מיט אומרעכט; אויך אָנפֿאַלן מיט פֿאַלשקייט, כּיטרעקייט. טח פֿאַרטײַטשט 'ויהי העם כּמתאננים רע בּאזני ה', (בּמדבּר, יא, 1): „אונ, עשׂ וואַר דשׂ פֿאָלק אַז זיא אורצאלטן בּיז

[= בײַ] אין אורן גאָט [= גאָטס אויערן]"
[תּי: „זיך באַקלאָגט אויף שלעכטס"]. מt
פֿאַרטײַטשט ,להתגלל עלינו ולהתנפּל עלינו,
(בּראשית, מג, 18): „אורצאלן" [תּי: „זיך
אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף אונדז"] פֿון ווערבּ
גע.

שאַפֿן נאָמען פֿון טוער — א'ער. מt
פֿאַרטײַטשט 'כּמתאוננים רע, — אורצאלער.

אורצווייהייט — די. מצ נבּ. פּפֿ: ~
צווייקייט. ראשונדיקע, יסודיקע צעשפּאַלטונג
אויף צוויי פּרינציפּן, אויף צוויי ישן. „בּובּער
קומט צו אונדז מיט דער גרויסער מאָראַלער
פֿאָדערונג...גובֿר זײַן די שתּי רשויות, די א',
פֿאַרשמעלצן מענטש און גאָט...אין איין
אַחדות„, קאָר I.

אורצײַט — די, ־ן. 1. צײַט פֿון גאָר ווײַ ן
עבֿר פֿון דעם מין מענטש. „אַזוי ווי אין די
א'ן, ווען אַ מענטש האָט קיין היים און קיין
הויז...נישט געהאַט", ש. טענענבּוים, פֿאַש,
26 1951 X. „ווילן אַריבּערשפּרינגען די גאַנצע
ייִדישע געשיכטע און צוריקקערן זי צו די
א'ן„, אפֿא, טמז, 2 .30 1965 IX. גאָר

אורקאָמוניזם

וויַטע צײַט אין דער געשיכטע פֿון אוניווערס.
די א, פֿון אונדזער גאַלאַקס. —יש — אַדי.
אורקאָמוניזם — דער. מצ נבֿ. צושטאַנד
פֿון פרימיטיווער געזעלשאַפֿט, ווען ס'איז ניטאָ
קיין שום פּריוואַט־אייגנטום.
אורקאָסמיש — אַדי. וואָס איז פֿונעם (אָדער
האָט אַ שײַכות צום) קאָסמאָס אויף אַן
ערשטיקן, יסודיקן אופֿן. א'ע דערשײַנונגען. „[ער]
זעט אַחדות־העולם...וואוהין פֿאַרשיידענע
נשמהשטראָמען פֿאַלן אַרײַן ווי אין אַ טיפֿן ים.
אַמאָל איז עס אַן א, געפֿיל“, י tראל אפֿרת,
ייִבל XXIII, 3 ־קייט.
.
אור קדמון — [אָר (אויר) קאַדמען] דזוו אור
עליון ←. „עס לײַכט אויפֿן שטערן דער א, ק,
פֿון כתר„, ייִט, טאָג, 19 1959 XII.
אורקוואַל — דער, ־ן. סאַמע ערשטער,
קדמונדיקער קוואַל. „טויט־פֿאַרבֿענקט נאָכן א,
פֿון געטלעכע קרעפֿטן„, אַל III. „דער
גלייבֿיקער איז נאָענט צו דעם א, פֿון גלויבֿן“,
בֿ. ריווקין, אַ גלויבֿן פֿאַר אומגלייבֿיקע. „קהלת
וויל אומקערן די אמונה אין גאָט צום א'„,

— געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש ־יק —

א 􏰀 א, .

אַדי. ,,מיט ליפּן פֿון ערשטן א'ן וואָרט ער
בײַסט זיך אַרײַן אינעם שטורמיקן גאָט,,,
הל, לידער. ־יקייט.

אורקול — [...קאָל] דאָס (דער), ־ות [...קוילעס].
זייער אַלט, קדמונדיק קול. אורערשט קול.
,,מיט אַ 'האַלאַלו,, מיט אַ טריאומף־געשריי,
מיט א'ות פֿון וואַלד און פֿעלד"; ,,דער א, פֿון
דעם אמתן קהלת...,,, קאָר II.

אורקופּער — דאָס. מצ נבֿ. זייער אַלט
קופּער. גרין ווי א', רויטלעך ווי אורגאָלד.

אורקיום — [...קיִ־יעם] דער. מצ נבֿ.
לכתּחילהדיקער, קדמונדיקער קיום; אורעקסיסטענץ.
אייבּיקער קיום אָן דער אידייע פֿון בּאַשאַף,
פֿון אויפֿקום אין אַ בּאַשטימטן צײַטפּונקט.

אורקינד — דאָס, ־קינדער. 1. קינד פֿון
אורצײַט. 2. ווײַטער אָפּשפּראָץ, אָפּשטאַמלינג.
,,איצט, נאָך יאָרטויזנטער, שטייט בּײַ די
שטיינער אַן א, פֿון יענעם זעלאָט און קעמפֿט",
אַל III, 'בּײַ דער וואַנט'.

אורקנאָספּיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז פֿון
(איז שייך צו) די סאַמע ערשטע קנאָספּן. ,,בּיז
אַ כּישוף קומט אַנטקעגן מיט א'ע סיגנאַלן",

סוצ, ייִדישע גאַס.
אורקע — די, ־ס. ← נורקע. „קענסטו מאַכן
אַזעלכע טיפּע א'ס אין וואַסער ווי איך?„, רייד.
אורקע — דער, ־ס. ווג אורקיכע. צונאָמען
פֿאַר אַ גנבֿ. "היט זיך פֿאַרן א'„, רייד. „דו
בּיסט דאָך אַ ייִנגעלע אַן א„ כ'קען דיך מסרן,
ס'זאָל נעמען פֿון דיר אַן עק", גנבֿים־ליד.
אויך א'־בּורקע. א, נאַכאַלניק — אָפּטער
צונאָמען פֿאַר אַ גנבֿ אין די 30ער יאָרן 20.
י„ה אין פּוילן. [פּסעוודאָנים פֿון
פֿאַרבּאַראָוויטש, אַ ישיבֿה־בּחור פֿון לאָמזע, וואָס איז
געוואָרן אַ גנבֿ, געזעסן אין תּפֿיסות, געוואָרן
אַ בּעל־תּשובֿה און אַ שרײַבּער אויף פּויליש.]
אורקעווען — טרוו. ־קעווע, געאורקעוועט.
גנבֿענען (אין לשון פֿון גנבֿים, אָבּער אויך

83()

בּרייט בּאַקאָנט און געניצט פֿון זייערע
קרבּנות). „ר'האָט געאורקעוועט אַ בּימבּערל [=
זייגער I"], רייד. „בּײַ מיר וועט ער שוין ניט
א,", רייד. „מיט אַ יאָר 15 צוריק האָבּן מיר
געהערט אַ ייִדן זיך בּאַקלאָגן: 'הײַנטיקע צײַטן
לוינט זיך מער ניט צו א, (גנבֿענען)'„, טמז,

18 □ 5□ 19 II.

□

אורקראַסט — די, ־ן (אויך: ־קרעפֿטן).
סאַמע ערשטע, לכתּחילהדיקע קראַפֿט. די א, פֿון
וועלטבאַשאַף. „...לייקנט די א', די שאַפֿנדיקע
קראַפֿט פֿון דעם גרויסן אינדיווידואום“, שנ,
לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „די אורקרעפֿטן
פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, זײַנע ראַנגלענישן מיט
זיך אַליין, מיטן דעספּאָטיזם“, יג, תּוך.
אורקריסטלעך — אַדי. וואָס איז פֿון, האָט
אַ שײַכות צו די ערשטע קריסטן. „א'ער
אַנטיסעמיטיזם“, יג, טמז, 1 1960 I. אויך:
אורקריסט — „די א'ן האָבן זיך...געהאַלטן...בײַ
דער 'ייִדישער פּאָלע'“, ה. לערנער, פֿאָר,
1□ 2□ 19 □I.
אורקריסטנטום — דאָס. מצ נבֿ. דאָס סאַמע
עלטסטע, לכתּחילהדיקע קריסטנטום. די
פֿאַרבינדונגען צווישן א, מיט ייִדישע פֿירונגען.
-
אורקרעסטיק — אַדי. וואָס האָט די

אייגנשאַפֿט פֿון (איז שייך צו) אורקראַפֿט. „זײַן
וועלט איז דאָס א'ע אין אונדז, מענטשן„,
שן, דערציילערס און ראָמאַניסטן II. ־יקייט.

אורריי־יום — [אוירעריי▯ יוי▯] די. בּמ. > איובֿ,
ג, 8. 'די וואָס פֿאַרשילטן דעם טאָג [פֿון
געבּוירן]'. „זײַנען פֿאַראַן משחיתים וואָס ווערן
גערופֿן א'־י, און די זײַנען ממונה איבּער די
וואָס שעלטן זיך אַמאָל“, קה, ווילנע תּרל„ה,
קיד/ב.

אוררעכט — דאָס. מצ ווי אצ. מאַרק ווּבּ.
דאָס עלטסטע רעכט, רעכט בּײַ די סאַמע אָנהייבּן
פֿון מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. דאָס א, פֿון
עין תּחת עין.

אור־רשעים — [אויר (▯ר) רעשאָאים] דער.
מצ נבּ. תּח. > איובֿ יח, 5: 'א, ר, יִדעו,
[„דאָס ליכט פֿון רשעים וועט אויסגעלאָשן
ווערן▯]. אויסדרוק געניצט ווען אַ רשע האָט
הצלחה. „זאָל ער זיך ניט איבּערנעמען, ס'איז
א,־ו„,..

▯

אורשאַסונג — די, ־ען. גאָר ערשטע אָדער עלטסטע שאַפֿונג. די א, פֿון יש מאין. „אָבער פֿון א'ען [אין לשונות] בּיז ייִדיש איז אַ ווײַטער מהלך“, ימ, ייִשפּ ▯ 6 ,I־3.

-

אור שבּעת הימים — [אויר שיוואַס האַיאָמים] פֿראַזע. < ישעיה, ל, 26. ליכט(יקייט) פֿון די זיבּן טעג (פֿון וועלטבּאַשאַף). דאָרטן: „און דאָס ליכט פֿון דער זון וועט זײַן זיבּנפֿאך, ווי דער א, ש, ה'“ פֿרנל אור הגנוז.

—

.

„ווען משיח וועט קומען, וועט ווידער שײַנען דער א, ש, ה',„.

אורשוואַרץ — אַדי. זייער שטאַרק שוואַרץ, אָן שום צומיש פֿון ליכט; וואָס איז פֿון קדמונים אָן שוואַרץ. „זיי פֿלאַמען אַ ווײַל מיך אַדורך און פֿאַרשווינדן צוריק אין דעם א'ן אָפּגרונט דעם בּלינדן,„ אַל II. ־קייט.

אור של יום ראשון

אורשורש — [...שוירעש] דער, ־ים [...

שאָראָשי[]]. עלטסטער, ערשטיקער,
לכתּחילהדיקער שורש. א, פֿוו אַ וואָרט. „אינעם מענטשן
גופֿא האָט ער דערקענט דעם א, פֿון יעדן
שטרעבן„, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און
קולטור.
אורשטאָט — די, ־שטעט. שטאָט פֿון גאָר
ערשטע צײַטן. זייער אַלטע שטאָט וואָס פֿון איר
האָט זיך אַנטוויקלט די שפּעטערדיקע
שטאָטישע ציוויליזאַציע. „האָט ער דערפֿילט, ער
זיצט גאָר אַזוי אויף אויסגעגראָבענע חורבֿות
פֿון אַן אונטערגעגאַנגענער א'", ל. ראָכמאַן,
גק, No 49.
אורשטאַם — דער, ־ען. עלטסטער
קדמונדיקער שטאַם (וואָס פֿון אים שטאַמט אָפּ אַ
קייט דורות, אַ פֿאָלק אע). „אונדזער א, מיט
זײַן יחוס פֿון ,עבֿדים היינו'„, רייד. „אויף
קידוש־השם געשטאָרבן צוזאַמען — פֿונעם א,
אָט די העלדן שטאַמען„, מלכּה לי. ־יק —
אַדי. „איך הער נישט אויף טרינקען פֿון
טיפֿן א'ן קוואַל„, הל, בלאַט או[]ף אַן עפּלבוים.
־יקייט.
אורשטאָף; — דער, ־ן. לכתּחילהדיקער,
קדמונדיקער שטאָף. אורמאַטעריע. א, פֿון

תּוהוּובֿוהו. „ס'עקזיסטירט אַ יקע וועלטו האָבּו זיך
א, (חומר הקדמון)
פֿון וועלכן די אַלע אָנצאָ
געבֿילדט„, מבֿ"ס, הוגה דעות I, ווילנע 1912.
„...האָט געלערנט אַז אַלץ איז געבֿויט פֿוּו
דעם א, — וואַסער„, יאַשונסקי איבֿז, דאָס
וועלט־בֿילד, וואַרשע 1923. „די כעמישע
עלעמענטן...זײַנען העכסט וואַרשײַנלעך אַנטוויקלט
געוואָרן פֿון איין א'", ש. בֿלום, דער בֿוים
פֿון לעבֿן, נ„י 1931. „ווען עס ציטערן די
פֿונדאַמענטן פֿון דער וועלט, דאַן קאָן זיך
דער קינסטלער שטיצן נאָר אויפֿן א, וואָס
דאַרף ווידער פֿון כאַאָס אַרויסשײַנען„, שנ,
לעזער, דיכטער, קריטיקער I.

פּאלעאָליט. געפֿינען, זוכן א'ער. „
אויסגעבֿילאורשטיין — דער, ־ער. גאָר אַלטער שטיין.

-

אָלאָגן רופֿן: א'...אויף וועלכע די וואַסערן

האָדעט זיך די ערשטע ערדשיכט וועלכע די

געבֿן זיך שוין געקאָנט האַלטן“, מבּ„ם, הוגה דעות I, ווילנע 1912.

אורשיקזאַל — דאָס? דער? דטשמ. נר. לכתּחילהדיקער פֿאַטום, גורל, מזל. „העגט וואָס איז פֿון א, באַשערט צו טראָגן און צו מײַסטערן די וועלט“, דא, 'העגט'.

אורשלאַנג — די, ־ען. קדמונדיקסטע שלאַנג. סימבּאָל פֿון סאַמע ערשטער זינד. „דאָ האָט מען נישט די א, געפֿאַנגען און זי געטייט„, דא, שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1910.

אור של גיהנום — [אור שעל געהענע□] פֿראַזע. < פּטחים, נד/א. 'פֿײַער פֿון גיהנום, [דאָרטן: באַשאַפֿן געוואָרן דעם צווייטן טאָג פֿון בּריאת־העולם, דעריבּער פֿעלט בּײַ דעם טאָג דער 'כּי־טובֿ']. קללה: בּרענען אין א, ש, ג'.

אור של יום ראשון — [אויר שעל יוים רישוין] פֿראַזע. ליכט פֿון דעם ערשטן טאָג פֿון וועלטבּאַשאַף. [פֿון דעם ליכט האָבּן באַקומען זייער שײַן די זון און די לבֿנה.]

□

אורשעפּער

-

אורשעסער — דער. מצ נבֿ. גאָר ערשטער, קדמונדיקער באַשאַפֿער ־יש — אַדי. מיט

.

א'ער גבֿורה.

אורשפּירונג — די, ־ען. נעאָל. סאַמע ערשטע, לכתּחילהדיקע שפּירונג (וואָס פֿון איר אַנטוויקלען זיך שפּעטערדיקע שפּירונגען). „די איראָנישע א, פֿונוואַנען די דערציילונג האָט

,

זיך גענומען“, בֿ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

אורשפּראַך — די, ־ן. אורלשון. גאָר אַלטע, ערשטע, לכתּחילהדיקע שפּראַך וואָס פֿון איר האָט זיך אַנטוויקלט אַ שפּעטערדיקע שפּראַך אָדער אַ גאַנצע פֿאַמיליע שפּראַכן. די א, פֿון אַלע סעמיטן. „עס איז שווער אָנצונעמען אַז עס איז געווען איינאיינציקע א, פֿאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין“. ־יק — אַדי.

אורשפּראָץ — דער, ־ן. נעאָל.
לכתּחילהדיקער שפּראָץ וואָס פֿון אים וואַקסן אַרויס שפּעטערדיקע שפּראָצונגען. סאַמע ערשטער אָנהייב. „די ערשטע...איז אַרויס די ליבע, א, אויס די קערנער פֿון דעם וויסן“, צײַט, גש I.
„דער ווילן צו זײַן אַ דיכטער [נעמט זיך פֿון] סאַמע א, און דערוואַך פֿון די געפֿילן אין דער קינדהייט,„ י. מאַניק.
אורשפּרונג — דער, ־ען. 1. אַרכ. מקור, וואָרצל. „פֿיל לייאן אונ, באָרגין אישׂט ארשפּרונג אַלי זאָרגין“, צוכט. 2. אַרכ. קוואַל, אורקוואַל. סהמ פֿאַרטײַטשט 'מקור חיים, (משלי, י, 11): „אורשפּרונג פֿון לעבן„. אַזוי אויך לקח טובֿ. „אַז דער פּסוק זאָגט: דען מיט דיר איז א, דאשׂ אייביג לעבן“, תּחנות ובקשות, ווילנע 1858 [איבערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798], כ/א. 3. אַרכ. אַרויסשטאַם, אַרויספֿלייץ. אָרט פֿונוואַנען עס קומט. טח פֿאַרטײַטשט 'וטהרה ממקר דמיה, (ויקרא, יב, 7): „אונ, זי זול זײַן ריין פֿון א, איר בלוט„. „דער א, פֿון דעם אורין פֿון דר פּאָנץ“, שבֿט מוסר פֿיור... ,
דא 1763. „דאשׂ גאַנץ לאַנד אַפֿריקה דשׂ דא איז איין א, ביז זילברשׂ„, יוסיפֿון, אַמשט

1661. 4. אַרכ. אָנהייב. "רעט פֿון בית־המקדש און, ירושלים דיא הייליגע שטאַט, איר א, און, צירונג וואשׂ זיא האָט גיהאַט", א. ס. עטהויזן, בית י״ראל ןבית הבּחירה, אַמשט 1724, שער.
מיט די בּבּ 1 — 4 אין הײַנטצײַטיקן לשון — דטש מ. „די פֿראַגע וועגן דעם א, פֿון דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור„, בּעמ I. „איך האָבּ זיך געהאַט אומגעקערט צום א'..., זיך געטראָגן אין רוים ווי אַ נאַקעטע נשמה", בּאַש, 'אַ שיף קיין אַמעריקע'.
אורשפּרינגלעך — אַדי. דטשמ. נר.
לכּתּחילהדיק. פֿריִערדיק. יסודיק. „אַלע שפּראַכן שטאַמען אָפּ פֿון אַ געוויסער צאָל א'ע לשונות", זשיט ״I, נ"י 1912. „זיך אומקערן צוריק צו איר מקור, צו איר א'ער איינהייט„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. „דער א'ער ציוניזם קען ווערן דער גײַסטיקער כּוח„, אפּא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. ־קייט — „סימנים פֿון איבּערזעצערישקייט פֿון ניט־א'„, ,
שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „דיבֿטערישע א, פֿון שיר־השירים", יג, תּוך, ז, 147.

אורשרגא — [אוירשראַגע] מענלעכער נאָמען.
דזוו שרגא [אַרמיש: ליכט].

-

אורשריסט — די, ־ן. אַלטע, ערשטע, לכתּחילהדיקע שריפֿט (וואָס מע האָט שפּעטער ק רט אָדער געביטן). געפֿינען אַן א'.
עך — אַדי. דער א'ער נוסח.
אורשרעק — דער, ־ן (אויך ווי אצ מיט די). קדמונדיקער שרעק. שרעק פֿון אוראַלטע צײַטן. אַרומגענומען ווערן פֿון אַן א'. דער א, פֿון דעם אומבאַהאָלפֿענעם מענטש.
אורתּורה — די. מצ נבֿ. די סאַמע לכתּחילהדיקע פֿאָרעם פֿון דער תּורה. „די א, (תּורה הקדומה) [איז]...געפֿורעמט פֿון אַבסטראַקטע, געאָמעטריש־אומבאַשטימטע אותיות...אין יעדער קאָסמישער שמיטה באַהעפֿטן זיך די זעלביקע אותיות אין אַ נײַעם סדר„, א. ליפּינער, איק, פּסח תּשכ„ד.
אורתּורה — [אויר (אָר) טוירע] דער. מצ נבֿ. לויט משלי, ו, 23. 'ליכט(יקייט) פֿון דער תּורה'. טיפֿע לומדות וואָס בינדט זיך מיט

ריינקייט פֿון נשמה. דאָס תּוכיק־עטישע פֿון דער תּורה. עס שײַנט אויפֿן רבֿין דער א'־תּ'. ,,האָט ר, אַבֿאָ אויף אים אַכטונג געגעבֿן און זאָגט: איך זע אַז פֿון אים אָדער פֿון זײַן קינד וועט אַרויסגיין אַן א'־תּ'", נוצ, רעט. ,,די הייליקע שכינה האָט אויף אים גערוט, און דער א'־תּ, האָט געשײַנט אויף זײַן פּנים,,, מע▯tה מתוקה כדבֿש, ווילנע 1898.

אורתנך — דער. מצ נבּ. נעאָל. תּנך אָן שום שפּעטערדיקע (ייִדישע) פּירושים. ,,דער א, איז שוין לאַנג אַרויס פֿון אונדזער אויסשליסלעכן רשות,,, מ. שטריגלער, איק, פּסח תּשי,,ח.

אושאָ — גנ. < כּתובֿות, נא/א; ראָש השנה, לא/ב אאַ. שטאָט אין גליל התּחתּון. א, איז געוואָרן אַ צענטער פֿון לערנען און פֿון ייִדישער אַליין־פֿאַרוואַלטונג נאָכן חורבֿן בּיתּר. דאָרטן איז בּאַנײַט געוואָרן דער סנהדרין. אַן ערך אין יאָר 140 איז אין א, געווען אַ צונויפֿקום פֿון תּנאָים (הולכי א'). מיט אים זײַנען פֿאַרבּונדן די ת ק נ ו ת א, (וואָס האָבֿן פֿאָרמולירט חיובֿים פֿון עלטערן לגבי קינדער, פֿון קינדער לגבי עלטערן, רעכט פֿון דער פֿרוי וכדומה) נאָך דער תּקופֿה פֿון גזירות.

אושאַטע — אַדי. < רוס. אויך: אושאַסטע.

וואָס האָט לאַנגע אויערן. א'ר הונט, אייזל.

אושאַנקע — די, ־ס. < אוק, רוס. ווינטערדיק היטל מיט אויערן, מיט קלאַפּעס צו פֿאַרדעקן די אויערן. „אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן א, פֿון וויַסן האָז“, סמב.

אושאַק — דער, ־עס. < פּויל, אוק, וור.
1. אייבערשטער באַלקן פֿון דער טיר, טירגעזימס, אייבערשטע שוועל. „פֿון א, ביסקל שוועל איז אַראָפּגעהאַנגען אַ געדיכטע נעץ פֿון גרויען שפּינוועבס“, חג, מאַמע □ שבתים.
2□ בײַשטידל, זײַטיקער באַלקן פֿון דער טיר. „די טיר איז אײַנגעשלאָסן אין די א'עס, ווי אַן אײַנגעמויערטע וואַנט“, שעליובסקי, אין דער וועלט אַרײַן. 3. קרוק פֿון טיר. די טיר הענגט אויף די א'עס. 4. ראַם פֿון טיר אָדער פֿענצטער. „אַ מנין פֿאַלט אַרײַן, אַ גלאַנץ,

אושפּאַניע

אַ מורמל אָפּ, אַ דריי די אויגן צום א',,,
חג, צוק פֿעברואַר 1937. 5. דזוו אוסאַק.

אושאַ'ר — דער, ־עס. < מאָלדעוואַניש, בעס. רינווע אָדער אויסגראָבונג איבער אָדער אַרום

אַ קעלער (דאָס רעגנוואַסער זאָל ניט אַרײַנרינען אין קעלער).
אושוויץ — ← אוישוויץ.
אושטשילקע — ← אוסטילקע.
אושטשיפּען — טרוו. ־פּע, אושטשיפּעט. סל. ןזוו שטשיפּען, קנײַפּן. מיט ז י ך — „ער פֿלעגט זיך אַליין אָפּט קנײַפּן, א, די הויט פֿון די ביינער,,, ייִל, ניט טויט, ניט לעבע□־יק, ווילנע תּרנ,,פּ.
אושטשעליע — די, ־ס. רוסיצ. שמאָלער און טיפֿער שפּאַלט צווישן בערג, פֿעלדזן. „אין דער א, פֿליסט אַ רוישיקער שטראָם“.
אושטשערבקע — די, ־ס. סל. < וור. אויך: אושטשערב < רוס. אָנווער, היזק. אַ געשעפֿט וואָס ברענגט ניט קיין א'.
אושיב — דער, ־ן. < אוק, רוס. 1. קלאַפּ, שטויס. „אין דער פֿינצטער וועסטו נאָך כאַפּן אַן א'“. 2. בײַל, צייכן פֿון אַ קלאַפּ. אַ בלויער א, אויפֿן פּוס.
אושיץ — לעמשיץ — באַגריסונג־פֿאָרמל בײַ בעקער־געזעלן אין גאַליציע. „צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך זיך באַנוצט מיט דער בעקערישער לאָזונג א', אויף וואָס די געזעלן האָבן תּיכּף מיר אָפּגעענטפֿערט — ל'. מיר

דאַכט אַז אָט די לאָזונג שטאַמט פֿון אָט די צוויי ווערטער: „אָן שוץ, און „נעם שוץ'. בּעקער־געזעלן פֿלעגן זייער אָפֿט וואַנדערן... די וואַנדערנדיקע...געזעלן האָבן זיך געגריסט מיט א, — ל"", א. גראַנאַך, אָט גייט אַ מענטש.

אושליאָך — די, ־עס. דזוו שליאָך, שליוכע, וואול. „ווער האָט עס חתונה מיט אַזאַ א,“, רייד.

אושניאַק — דער, ־עס. דזוו אושאַק. „מיר קומען צום אַרויסגאַנג, אָבּער האַרט בּײַם א, אַ פֿרישע רעקלאַמע“, בּרעגמאַן, דורך ▯ זריג און רעוואָלוציע. „די גרין־געלע בּאַוואַקסענע דעכער מיט מאָך פֿוילן, פֿון די א'עס, פֿענצטער און ווענט שיט זיך אַ געלע טירסע אַזאַ„, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

אושניצע — די, ־ס. < פּויל, רוס. 1. רכילותניצע, בּאַריידערקע. די א, בּאַרעדט די גאַנצע וועלט. 2. אויערן־קראַנקייט. זיך צוקילן און בּאַקומען אַן א'. 3. (סטעלמאַכער ▯) שטיקל האָלץ, אויסגעפֿראַמט אויבּן שמאָל און אונטן בּרייט און דין.

אושניק — דער, ־עס. אויערן־ און אויגנבּלעטל פֿאַר אַ פֿערד; פֿאַרשטעלער. א'עס פֿאַר דעם אָגער, ער זאָל ניט קענען קוקן אין

די זײַטן.

אושניק — דער, ־עס. רוסיצ. אויערן־ (נאָזאון האַלדז־)דאָקטער.

אושפּאַניע — גנ. אַרכ. דזוו שפּאַניע. „און, ער קאַם אין דשׂ לאַנד אושפּאַניה און, ער מאַכט אונטר טעניג...דיא הופּרט דיז פֿאלקשׂ גיתּוס„, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

אנש ײז

אושפּיז — דער. מצ נבֿ. מײַ. < מגילה, כו/א; יומא, יב/א. קאַל ווב. אַכסניה, גאַסטהויז, קרעטשמע. „אונט ווײלן סבֿיבֿ לאושפּיז שלו מבית ומחוץ הרבה עכבר־ראשים אויף ענטהלט פֿלעגין צו הבין„, אגרת שלמה. אויך: א'־בית [...־באַייִס], די. קאַל ווב.

אושפּיזין — [אושפּיזן] די. אצ זײער זן. < זוהר, אמור, כג, 4. געהויבענע, חשובֿע, יענע־וועלטיקע געסט, וואָס קומען צו גאַסט אין יעדער סוכּה פֿון אַ גאָטספֿאָרכטיקן אין די זיבן טעג פֿון סוכּות. די א, זײַנען: אַבֿרהם אָבֿינו (סימבאָליזירט רחמים), יצחק אָבֿינו (סימב, קידוש־השם), יעקבֿ אָבֿינו (סימב, תּמימות), יוסף הצדיק (סימב, פֿרומקייט), משה

רבינו (סימבּ, געטרײַשאַפֿט), אַהרן הכּהן (סימבּ, כּהונה) און דוד המלך (סימבּ, מלכות). יעדן טאָג סוכּות איז איינער פֿון די א, — נאָך דער ריי — דער הויפּט־גאַסט. [פֿון מקובלים איז די אידייע וועגן א, אַריבּער צו חסידים, און פֿון זיי אויך צו אַ טייל מתנגדים. עס איז געווען אַ מנהג אויפֿצוהענגען יעדן טאָג אין סוכּה אַן אַנדער קאָלירטע פּאַפּירענע לאַמטערנע מיטן נאָמען פֿון דעם ראָש פֿון די א, יענעם טאָג פֿאַרן עסן האָט מען חשיבֿותדיק

.

פֿארבּעטן די א': אַזמין לסעודתי א, עילאין'.

,

-

ווי אַ במקום פֿון א, האָט מען פֿאַרבּעטן אין סוכּה אַרײַן, אויבּ מען איז געווען בּיכולת, זיבּן אָרעמעלײַט. געווען יִידן וואָס האָבּן אַרײַנגעבּראַכט אַ כּסא מיוחד לכּבֿוד די א'. אַנדערע פֿלעגן פֿאַר זייער כּבֿוד וועגן אָנצינדן ליכט. בּײַ חסידים האָט מען זיך נוהג געווען צו פּראַווען אַ סעודה, אויבּ זייער רבּי האָט

געהייסן ווי איינער פֿון די א', און די וואָס
טראָגן די נעמען פֿון די א, שטעלן אין יענער
נאַכט משקה.] איר פֿול: „אַפֿילו אַן אָרעמאַן
אַן אבֿיון מעג זיך פֿאַרגינען צו פֿאַרבעטן
די א'“. „איז אונדז ליב אונדזער אָרעמע,
פֿאַרוואָרפֿענע סוכּה, נעמען מיר אין איר אויף
אונדזערע א', די ליבע געסט פֿון דער ווײַטער
ליבסטער פֿאַרגאַנגענהייט“, פּרץ. „צוויי חסידים
זײַנען געגאַנגען צו פֿוס / אויף סוכּות צום
רבין קיין ריזשין / — זיי האָבן געוואָלט
הערן דעם שמו'ס / דעם רבינס מיט די א'“,
ילג. „געוויזן די סוכּה שוין ליידיק, ניטאָ
די א',„ אַר, 'נס אום שׂמחת־תּורה'. „
אומגעזען האָבן זיך אויך וואו באַוויזן, בײַם
גרינינקן, דינינקן דורכלויכט פֿון סכך, די
אורחים די גרויסע, די זיבן א',„ אַל III. אויך
א, עילאין [אילאָאין] = די הויכע (
דערהויבענע) א'. “אין דעם פּינטעלע [אין סוכּה]
קומען אַרײַן א, ע, צו גאַסט,„ פּרץ, 'אַ יונגן
שרײַבערס חנוכּה'.

אושפּיץ — דער, ־ן. לאַקל, אַלט־רום.: □ □ <

iu□(i□]os. משוגעים־הויז (געניצט אין
האַלבפֿאַרשטעלטע רייד: אין רום באַטײַט דאָס
וואָרט אכסניה). „מע האָט געמוזט אים

אַוועקשיקן אין א, אַרײַן,,, רייד.
או'שקוריס — דער. מצ נבֿ. לאַקל, לר.
אײַנהייצן = i□□u□][□□ון: □ □ □ ־ <. ווער עס האָט חתונה מיט אַן אַלמנה און פֿירט (נעמט איבער) איר בעל־הבתּישקייט.

832

אושר — □אוישער] דער. מצ נבֿ. < לויט בראשית, ל, 13. תּח. זן. גליק, מזל, הצלחה, צופֿרידנקייט, נחת. „מ'קאָן נישט געפֿינען א, אין עושר,,. „נישט אין עושר איז דאָ א'“.
אות — [אָס] דער (דאָס), מצ: ־יות [אויסיעס]
אותיו□. □ד□. 1. צייכן צו סימבאָליזירן אַ
< שבת, ב אאַ פֿקפֿ□ אות(י)עלע, ־ך,

.

ע

קלאַנג (אין שריפֿט אָדער דרוק). אַן א, פֿון אַלף־בית. ייִדישע אותיות. גריכישע, לאַטײַנישע, רוסישע אאַ אותיות. געשריבענע, געדרוקטע, געכּתיבֿהטע אותיות. גרויסהאַנטיקע, קלײנהאַנטיקע אותיות. ניט קענען מאַכן קיין א, = ניט קענען שרײַבן. קלאָרע, שאַרפֿע,

צעהאַקטע, מטושטשע אאַזוו אותיות. פּשוטע, צאַצקעדיקע, פּערלדיקע אאַ אותיות. „אַן א, איז ווי אַ לעבעדיקער מענטש: איינער איז קיינער, עטלעכע צוזאַמען מאַכן גראַמען„, שוו. „די א'יות זײַנען ווי סימבאָלן וואָס זייער זע־בילד דאַרף זיך אַסאָציאירן מיט אַ באַשטימטן קלאַנג־בילד“, זק, ייִדישע גראַמאַטיק, מינסק 1922. „אַז איר וועט, קינדערלעך, עלטער ווערן / וועט איר אַליין פֿאַרשטיין / וויפֿל אין די א'יות ליגן טרערן / און וויפֿל געוויין“, וואַר 'אויפֿן פּריפּעטשיק'. „קום אַהער, ייִנגעלע, נענטער צו מיר, טו אַ קוק אין די קליינע אותיותלעך, טײַערע אותיעלעך, גילדערנע אותיעלעך„, מ. מילנער, 'אין חדר'. „פֿײַערדיקע, ליכטיקע אומאויסלעשלעכע א'יות„, וינטש. „די צורה פֿון יעדן א, דאַרף זײַן קלאָר און דײַטלעך, ווײַל אין כּתבֿ איז פֿאַרהאַנדן א'יות וואָס ווײַזן אויס גלײַך איינס צום אַנדערן“, חה, ב, 169. „מיר מוזן אַלע

 אום יעדן פּרײַז זיך האַלטן אָן דינסטן קלאַנג, אָן מינדסטן א'־געפֿלעכט, אַבי ניט אויפֿהערן דאָס לעבן צו געשטאַלטן„, הל, לידער פֿון גן־עדן. „ער זאָל ניט דאַוונען אויסנווייניק נאָר פֿון דעם סידור, פֿון וועגן ער זאָל ניט

קומען מבֿליע צו זײַן אָדער איבערצוהיפּערן
ח,,ו אַן א, אָדער אַ וואָרט“, ר, משה בר,
נתן נטע [איבֿז], שבֿט מוסר, סודילקאָוו 1833.
,,די גמרא וויל האָבן, אַז דעם, פֿון וועמען מע
האָט זיך אַפֿילו איין א, געלערנט, בּרויך
מען אויך כּבֿוד אָפּגעבן,,, י. בּודזאָהן, אַ מע□Iה
פֿון אַ רבֿ..., ווילנע 1927. [יִידיש האָט
איבּערגענומען די 22 גרונט־אותיות פֿון דעם
לקאַלף־בּית מיט עטלעכע שינויים און
צונויפֿבּינדונגען פֿאַר די וואָקאַלן, דיפֿטאָנגען און
די קלאַנגען וואָס זײַנען אין לק ניטאָ. אין
גרויסן ווּבּ זײַנען בּאַזונדערע אותיות: בּ און בֿ,
כּ און כ, פּ און פֿ, תּ און ת, ש און שׂ,
וואָס דאָס איז טעאָרעטיש ריכטיק. □וליבּ
בּאַקוועמלעכקייט פֿאַרן נוצער ווערן אין ווּבּ
ניט בּאַטראַכט ווי בּאַזונדערע אותיות א, אַ,
אָ; די צונויפֿגעזעצטע אותיות וי, יי, ײַ ווערן
פֿון שטאַנדפּונקט פֿון סדר ניט בּאַטראַכט ווי
בּאַזונדערע אותיות — הגם טעאָרעטיש זײַנען
זיי בּאַזונדערע אותיות.] [דאָס ניצן לק־אותיות
פֿאַר די לשונות וואָס יִידן האָבן איבּערגענומען
פֿון זייערע שכנים האָט מיטגעהאָלפֿן אין
פּראָצעס פֿון פֿאַרייִדישן די דאָזיקע לשונות.
פֿאַרקערט, האָבן די משׂכּילים אין דײַטשלאַנד

געניצט די ייִדישע אותיות פֿאַר דײַטש, כּדי

אות

צו שאַפֿן אַ גרינגערן איבערגאַנג פֿון ייִדיש צו דײַטש.] [פֿאַראַן אַ סך מעשׂיות, אַגדות, אַרויסזאָגונגען און אָנצוהערענישן וועגן באַזונדערע אותיות און וועגן זייער ראָלע און ווערט — אין דער תּלמודישער ליטעראַטור און נאָך מער אין דער קבּלה־ליטעראַטור. די אותיות שטראַלן אַרויס פֿון די אייבערשטע יסודות. מיט זיי איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן. דורך פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿון אויסדרן די אותיות האָט מען געהאָפֿט צו געפֿינען דעם סוד פֿון קץ. לויט דער הלכה דאַרף מען שטאַרק מקפּיד זײַן בײַם שרײַבן די אותיות אין אַ ספֿר־תּורה, תּפֿילין און מזוזות. לויט עירובֿין, יג/א: „זײַ אָפּגעהיט אין דײַן אומנות„ — האָט געזאָגט ר, ישמעאל צו ר, מאירן וואָס איז געווען אַ סופֿר סת״ם — „ווײַל טאָמער וועסטו פֿאַרפֿעלן אַן א, אָדער צוגעבן אַן א', קענסטו חלילה חרובֿ מאַכן די וועלט“. „זי האבן די ווערטר גצילט, זי האבן די א'יות גצילט אויך די נקודות דז זענן די

פּינטלך,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו
1796.] [ליבּשאַפֿט צו די אותיות אַנטפּלעקט
זיך אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער
פֿאָלקסקונסט. זיי האָבן געדינט ווי צירונגען בײַם
אויסשטיקן און אויסהאַפֿטן. ייִדישע אותיות
זײַנען געווען אַ טעמע פֿאַר פּאָעטן.]
2. (אַרכ און אין פֿרומער חקירה־
ליטעראַטו□) קלאַנג, וואָרט. אימאַזש פֿון קלאַנג אָדער
־ וואָרט אין דער געטראַכטער שפּראַך. ←
אותיות־הדיבור. ,,...אבֿיר האָט אים קיין א, וואָלין
משיבֿ זײַן אונ, אַלישׂ אין זיך גירעט,,; ,,קיין
א, דערפֿטי מאַן צו זאגין“, גה, 199, 237.
,,מחשבֿה איז אויך אַ בּחינה פֿון אותיות, אַזוי
ווי דיבּור, מערניט וואָס זיי זײַנען
רוחניותדיקער און איידעלער,,, תּניא, 102. ,,מע האָט
זיך געדאַרפֿט צוהערן...און מדייק זײַן אותיות,
ווײַל זײַנס אַ וואָרט איז נוגע אין אַלע עשׂר
כּוחות־הנפֿש“, לדבּ, נ,,י תּשי,,ז. *אָן אותיות
= אָן רייד, געניצט: ווי אַן ענטפֿער אויף דער
פֿראַגע ווי עס גייט, מיט בּבֿ: א) נישקשה,
ניטאָ אויף וואָס זיך צו בּאַקלאָגן; בּ) וואָס
וועט העלפֿן דאָס רעדן אָדער דאָס בּאַקלאָגן
זיך (די אינטאָנאַציע מאַכט קלאָר דעם זינען
פֿון ענטפֿער).

-

אות פאַר אות = אינגאַנצן פּינקטלעך. אויף אַלע פּונקטן. איינס נאָך איינס. „וועסט מיר ענטפֿערן א, פֿ, א„ כוועל קיין פּינטעלע ניט מוחל זײַן", רייד. „די ווערטער וועט מען קלײַבן ווי פּערל א, פֿ, א'", איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג 1900, No 3.

איבער אַן אות = מחמת אַ קלייניקייט, אַ קוצו־של־יוד. „צווישן...רבנים טרעפֿט מען אַמאָל אויו...נאַראָנים, וואָס...זידלען זיך אַוועק גאַנצע צײַטן איבער אַן א, וואָס עס קאָן באַטײַטן,,, עט, משלים.

איבערגעהאַקט(ער) אות = אַן א, מיט אַ פּגם; דעפֿעקטיווער א', איבערגעבראָכן (למשל, די פּיסלעך פֿון ת רירן ניט אָן דעם דאַך). „און אַז דער בעל־קורא געפֿינט אַמאָל שבת בײַם לייענען אַן א'ן א, אין דער תּורה, מאַכט ער אַ גוואַלד: נו, האַ!", דלוגאַטש,

אות

די וועלט־מסורה, וואַרשע 1881 [זען שבת, קג/ב; רא„ש הלכות ספֿר־תּורה; שולחן ערוך,

מיט ג ! .ענע (גילדערנע) אותיות
פֿאַראו,,ח, לו

שרײַבן אָדער דרוקן = הויך אָפּשאַצן, שטאַרק
לויבן, פֿאַראייביקן.
די דרײַ אותיות = 1. ח ר ם, מורא פֿאַר
די דרײַ אותיות; אַרײַנלייגן אין די דרײַ אותיות.
2. סאָוו גע־פּע־או (געהיים־פּאָליציי). ,,איך פֿיר
אײַז אָפּ אין די דרײַ אותיות,,.. ,,די דרײַ
אותיות וועלן שוין לערנען מיט אײַך בלק,,.
וואַנט־אותיות — 1. אותיות צוגעקלעפּטע
אָדער צוגעשמאָלצענע צו אַ וואַנט (ווי אַ
צירונג . ,,היימיש געצויגענע ליכטלעך וואָס
ווערן געניצט צו וו'־א',,, פּרץ, ,אין חדר
אַרײַן, שקצים'. 2. אותיות אויף אַ
וואַנטטאָוול: א) אין אַ שול צו לערנען די אותיות
פֿון אַלף־בית; ב) בײַם אויגן־דאָקטער
אויסצוגעפֿינען ווײַטזיכטיקייט, קורצזיכטיקייט פֿון
די פּאַציענטן.
וואַסער־אותיות = מטושטשדיקע,
אומקלאָרע, אָפּגעריבענע.
טויטער אות — פֿיג. פֿאַרגליווערטער,
פֿאַרשטאַרטער דין; פֿיקסירט, פֿאַרשטיינערט געזעץ.
ב ל ײַ ב ן אַ טויטער אות — ווען אַ געזעץ וואָס

ווערט אין לעבֿן ניט דורכגעפֿירט.

טל־ומטר־אותיות — [טאַל־אומאָטער..?]

לוי?ן ? ? טל־ומטר.

ז

פֿון געזעץ

---.

־פּי) אות

ייִער ליינ.

לויט (על־פּי) אַ שטרענגן אויסטײַטש פֿון דער פֿאָרמולירונג פֿון געזעץ, אָן אָפּווײַך, אָן רעכענען זיך מיט אומשטאַנדן פֿון צײַט אָדער סבֿיבֿה. זיך האַלטן שטרענג בײַם א, פֿון געזעץ.

לעצטע אותיות — בײַם פֿאַרענדיקן

וְי

שרײַבן אַ ספֿר־תּורה. מיט באַזונדערע הכנות פֿלעגט דער סופֿר אויספֿילן די או?.ות פֿון 'לעיני כּל ישׂראל, אָדער לאָזן עטלעכע אותיות אומפֿאַרענדיקט. בײַם סיום פֿלעגט מען מכבּד זײַן חשובֿע בעלי־בתּים אויסצופֿילן אַ פּיסל פֿון ל, קעפּלעך פֿון ש וכּדומה.

נישט נאָכגעבן אַן אות — נישט מוותּר

זײַן אויף אַ קלייניקייט; אַרויסווײַזן שטײַפֿקייט, עקשנו‌ן.

די פֿיר אותיות — דער שם הויה, נאָמען פֿון גאָט. „דער וואָס לעסטערט גאָט איז אַנדערש נישט חייבֿ סקילה, סײַדן ער זאָגט אַרויס בפֿירוש דעם שם מיט די פֿיר אותיות„„ לויט סנהדרין, נה/ב, ס/א.

ניט קענען קיין צורת אות — זײַן אַ וויסטער ע

קידוש אותיות — די. געניצט מיטן ב: קלאָרער שריפֿט, דרוק, גרויסע אותיות. [ווײַל די תּפֿילה וואָס מע זאָגט בײַם מקדש (מחדש) זײַן די לבֿנה איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות, מע זאָל זיי קענען לייענען בײַם לבֿנ‌ייִנ‌] אַ מוד‌עך, אותיותלעך = טעט -ליבט. ה מיט ק'-ל'-א'.

ק אות(י)ע
פֿאַר דעם וואָס ווערט געוויינלעך געדרוקט מיט קלענערע אותיות ווי דער ‌ודיקעד טעקסט, דה די אַלע פּירושים און הוספֿות צו אַ טעקסט. *זײַן בּ אַ ה אַ ו ו נ ט אין די

ק, א, = זײַן אַ וואויללערנער, אַ יודע־ספֿר.
אויך: ג ע נ י ט אין די ק, א'; אַ ק ע נ ע ר
פֿון (אין) די ק, א'. *אַ ר ײַ נ ק ו ק ן אין די
ק, א, = אין רשי, תּוספֿות, מפֿרשים און
בכלל אין דער רבנישער ליטעראַטור. „עפּעס
אַ קאָפּ, אַ? פֿאַרשטייט אין די קליינע אות(י)
עלעך„, בערג, אָפּגאַנג. „איך בין אַפֿילו אַ
פּראָסטער ייִד פֿונדעסטוועגן האָב איך ליב

,
אַרײַנצוקוקן אין די קליינע אותיעלעך“, קמ,
.No ,1865 43

שטומער אות = אות וואָס ווערט
געשריבן, אָבער נישט אַרויסגערעדט, למשל, א אין
וואו, וואוינען, אָדער ד אין גערעדט, שנײַדט.

אות — [אוי] מצ ־ות [אויסע]. < בּראשית,
ד, 15 אאַ. 1. צייכן, סימן, באַווײַז, סעיף.
געוויינלעך געניצט בלויז אין צונויפֿבינדונגען.
זן ווי אַ פֿאַרבײַט פֿאַר אות בּרית ←. 2.
וואונדערצייכן. קאַל ווב. „...קומען צו דער מדרגה
פֿון דעם א'„, נוצ, מא/ב. 3. ציפֿער. „
איצונד...וועל איך דיר לערנען ווי אַזוי דו זאָלסט
דיך נוהג זײַן מיט דעם צענטן א, וואָס עס
הייסט נול“, מלאכת מחשבֿת, ווילנע 1874.

א, לזכרון עולם — אייביקער סימן, באַוויַז. "דאַרף די שפּראַך [לשון־קודש] בײַ אונדז זײַן אַן א, ל, ע,, אַז מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַ גרויסע היסטאָרישע פֿאַרגאַנגענהייט,,, דר, יעקבֿ טשעדני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897.

אות־אמת — [אויס־ע'מעס] דער. מצ נבֿ.

< יהושׂן, בֿ, 12. ריכטיקער צייכן, גאַראַנטיע, ערבֿות. ,,רחבֿ האָט געבעטן די מרגלים זאָלן איר...געבן אַן א'־א, זיי זאָלן לאָזן לעבן איר גאַנצע משפּחה", נוצ.

אות־באות — [אָס־בע'אָס] אַדוו. 1. וואַרט בײַ וואָרט, פּינקטלעך, גענוי (בײַם איבערגעבן דאָס געהערטע אָדער דאָס געלייענטע, בײַם ציטירן, איבערזעצן וכדומה). ,,די גראַטולאַציע איז אָפּגעדרוקט א'־ב, אין די רוסישע צײַטונגען,,, קןו, 4 No, 1862. ,,דיזי פֿר קלארונג וועלן מיר היר שטעלן א'־בּ"', שאַר, קלז/ב. ,,איך וועל אײַך איבערזעצן דעם פּינקס א'־בּ, פֿונעם שער ביז אין לעצט", ייִל, קמ, 41 1867, No.

,,איר זאָלט קומען און מיר מעתּיק זײַן א'־בּ, וואָס זיי רעדן דאָרט אויף זייער לשון", יהל, דער אַפּיקורס, וואַרשע 1904. ,,די חוזרים פֿלעגן קאָנען נאָכזאָגן די רייד פֿון רבין א,־בּ',,.

2. אַקוראַט, לויט אַ מוסטער. פּונקט אַזוי

(וועגן וואָס ס'זאָל נישט זײַן צו ריי). „פּראָסטע
ייִדן, שנײַדערס, שוסטערס, קירזשנערס, וואָס
מאַכן נאָך דעם מאָדעל [פֿון טראַדיציאָנעלן
טראַכ] א־ב'„, ייִל, דאָס פּוילישע יונגל,
אַדעס 1895. „א־ב, דער טאַטע דער שיכּור„,
פֿוול = געראָטן אין טאַטן, געירשנט זײַנע
חסרונות. ־יק — אַדי. א'ע איבּערזעצונג.
אות־בּרית — [אויס־בּר'יס] דער. מצ נבֿ.
< בּראשית, ט, 17 ,12 אאַ. 1. צייכן פֿון
בּונד (וואָס דערמאָנט די התחײַבֿותן פֿון איין
צד לגבּי דעם צווייטן). „ווי אַן א־בּ, האָבּן
דוד און יהונתן זיך געבּיטן מיט זייערע
מלבּושים„. „לאָמיר זיך איבּערבּעטן און ווי אַן
א־בּ, מאַכן אַ לחיים„.
2. מילה און דאָס זײַן געמלט. < בּראשית,

אותו־דבֿר

--

יז, 11 אאַ. [ווי אַ צייכן פֿון בּונד וואָס גאָט
האָט פֿאַרשניטן מיט די בּני־ישׂראל, זיי זאָלן

זײַן אַן עם קדוש און אָפּגעשיידט פֿון די אומות־העולם □] „דורך דער מילה...הײשׂן זיא צדיקים...וואַל די ישׂראל דיא דאָ היטן דען א׳־בּ׳“, נצ1, כג/א. „דער שם הקודש װערט נשלם אין זייער חותם א׳־בּ„ אַז זיי זײַנען זיך מל“, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ„ג. אויך: א׳־בּ׳־מילה. אויך: א׳—בּ׳־קודש. „די מויל און דער א׳־בּ׳־ק, די צוויי זענען מעיד אויף דעם גאַנצן גוף„, ספֿר הנהגות טובֿות, וואַרשע תּרנ“כ.

אותה□ שעה — [אויסאָ שאָאָ] די. מצ נבּ. < סנהדרין, קז/ב; שבּת ל/א אאַ. תּח. דאָס וואָס איז אין יענער שעה, אין דער זעלבּיקער צײַט, גראָד דעמאָלט. „א׳־ש, האָט גאָט געוואָלט זיי געבּן די תּורה...איז אָבּער משה געשטאַנען דערבּײַ“, לויט שמות רבּה, כח, ג. „א׳־ש, האָט דער ייִד זיך אײַנגעהילט אין טלית און מיט 'שמע, אויף די ליפּן אומגעקומען אויף קידוש־השם“.

אותו — [אויסע] פּראָנאָם אין לק. אָט דער, אָט יענער, אָט דאָס. ← ווײַטערדיקע ווערטער.

אותו איש — [אויסע (־סוי)...] < ילקוט שמעוני. געוויינלעך אָן אַרטיקל, ווי אַ נאָמען. אויך דער. פּפֿ: אותו האיש. 1. נייטראַלע

באצייכענונג פֿאַר ישו הנוצרי פֿאַר יעזוסן.

—

,

[יידן האָבן מקפּיד געווען נישט פּורש בשמו צו זײַן; אויפֿן סמך פֿון „ושם אלהים אַחרים לא תזכּירו, לא ישמע על פּיך“, שמות, כג, 13.] „אין זייער און־גליון (←.) דערציילן זיי, אַז יידן זײַנען שולדיק וואָס מע האָט געקרייציקט א, (ה)א"“. „דער פֿאַקט איז, אַז יידן ווילן ניט און וועלן ניט אָנערקענען דעם א, הא"“, טמז, 13 IX 1964. מע▯ה של אותו האיש (אויך: תּולדות ישו, מע▯tה תּלוי) — אַ ביכל אויף לשון־קודש און אויף יידיש מיט פֿאַנטאַסטישע פֿאָלקס־מעשׂיות וועגן ישו הנוצרי. היות ווי די צענזור האָט פֿאַרווערט צו דרוקן דאָס ביכל, האָט ער צירקולירט ווי אַ כּתבֿ־יד. מע פֿלעגט עס קאָפּירן און לייענען אין דער ניטל־נאַכט. אין וואָ, פּאָד, מג איז אָט די פֿירונג נאָך געבליבן אין אָנהייב 20. י„ה.

2. מיי. באַצייבענונג לגנאי, מיט ביטול פֿאַר יעדן מענטש [אַווע▯י 3 .I]. געהיים אַגענט.

-

„דער א, הא, איז פֿון די ערשטע וואָס... שפּרינגט אַראָפּ. זעט אויס אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מיר האָבן זיך געכאַפּט„, איק, 2 1964 X.

אותרבֿהור — [אויסע־בֿאָכע▯] דער. מצ נבֿ. צבֿ. אָט דער יונג, אָט יענער חבֿרה־מאַן.

„אַ קלאַנג אי▯, אַז א'־בֿ, חיים קומט אַרויס מזרע המלוכה„, פּרץ, ,מסירת נפֿש'.

אותדרבֿר — [אויסע־דאָווע▯] דער. מצ נבֿ. צבֿ.

1. די זעלבֿיקע זאַך, דאָס אייגענע. „דאָס איז דאָך ממש א'־ד, וואָס איז געשען מיט מיר“, רייד. 2. אייפֿ. יענע זאַך, עפּעס וואָס איז נישט פּאַסיק, נישט אָנשטענדיק אָנצורופֿן מיטן ריכטיקן נאָמען (פּאַרך, קילע, מערידן, מענלעכער אבֿר אע). „בײַ אים האָט זיך צעשפּילט דער א'־ד,“, רייד.

אותו ואת בנו

אותו דאת בנו — [אויסוי ווייעס בנו▯] פֿראַזע.

< ויקרא, כב, 28. 'אים און זײַן זון'. [דער גאַנצער פּסוק אין תּי: ״און אַ רינד צי אַ שאָף זאָלט איר נישט שעכטן אין איין טאָג מיט זײַן קינד„. די משנה (חולין, ה, א) לערנט, אַז אָט דער פּרינציפּ איז חל אויף אַלע שחיטות, הן אין ארץ־ישׂראל הן אין חוץלארץ, און אַז דעם שוחט וואָס האָט בּמזיד געשאָכטן די צווייטע בּהמה קומט מלקות. דאָס פֿלייש פֿון בּיידע בּהמות מעג מען עסן.] „האָט דער אַלטער רבֿ אויסגעשריִען: רבּש„ע, דו האָסט געשריבּן אין דײַן הייליקער תּורה 'א, ו, בּ, לא תשחטו בּיום אחד, — און דאָ קוילען די רשעים קינדער און זייערע מאַמעס כּמה ובמה, און דו שווײַגסט״. נאָמען פֿון פּרק ה, אין מסכתּא חולין. געניצט שפּאַסיק אין פֿאַרשידענע סיטואַציעס: א) „כ'וויל נישט זען אותו — אים, ואת בּנו — און זײַן טרייפֿענע צורה„ (זײַן פּרצוף־פּנים); בּ) „כ'וויל נישט האָבּן קיין מחזקות אותו — מיט אים (דעם בּעל־דבֿר) ואת בּנו — זיין משפּחתּא(לע)„; ג) ״ער האָט געקוילעט אותו — דעם פּסוק פֿון חומש, ואת בּנו — און וואָס רש״י מאַכט„ (רייד פֿון אַ רבּין, ווען דער תּלמיד האָט פֿאַלש אײַנגעטײַטשט).

אותו־מינוט — ← אותו־רגע.

אותדמעשׂה — [אויסע־מײַסע] די. צבֿ. 1. די
זעלבֿיקע פּאַסירונג. דזוו אותו־דבֿ▯ בֿ1. ,,ס'האָט
מיט אים ווידער פּאַסירט די א'־מ, ווי
פֿאַראַיאָרן,,. 2. אייפֿ. יענע געשעעניש. דאָס וואָס
דער הערער ווייסט, נאָר ס'איז נישט לײַטיש
צו רעדן דערפֿון: ווי גניבֿה, שמד, האָבֿן אַ
ממזר אע. ,,אַז די ייִדן האָבֿן אָפּגעטאָן די
א'־מ, [געמאַכט דעם עג▯], איז משה רבֿנו
קראַנק געוואָרן'', לויט שמות רבֿה, מג, 3. ,,נאָך
א'־מ, איז ער געלם געוואָרן,,.

אותדמקום — [אויסע־מאָקעם] דער. צבֿ.
< נידה, מז/ב; גיטין, סט/ב. יענער אָרט.
1. אייפֿ, געשלעכטלעכער אָרגאַן. ,,די מוטער
חוה האָט צוגעדעקט דעם א'־מ, מיט אַ
פֿײַגנבלאַט''. 2 פֿאַרשטעלטער נאָמען פֿאַר אַ
.
קלויסטער, תּיפֿלה, צערקווע אע. ,,דער צלם
אויפֿן שפּיץ דאַך פֿון א'־מ, האָט אָנגעוואָרפֿן
אויף אים אַ פּחד,,.
3. אָרט פֿון טומאה. יעדער אָרט וואָס דער
הערער ווייסט וועגן דעם, אָבֿער מע וויל
נישט דערמאָנען איבער עפּעס אַ סיבֿה. ,,אין
דעם אויגנבליק האָבֿן אַלע צוגעזען ווי פֿון

א,־מ, איז אַרויס אַ שטיק פֿײַער,,, בּאַש, □)טן
פֿון נאָריי.
4. בּית־הכּיסא, אָפּטריט. ,,סאַראַ געשטאַנק!
שוין צײַט צו רייניקן דעם א'־מ',,, רייד.
אותו־עוון — [אויסע־אָוועןן] דער. צבֿ. < שבת,
ל/א. יענע זינד. עבֿירה וואָס מע וויל ניט
בּפֿירוש אַרויסבּרענגען. ,,האָט דאָס פֿאָלק
געוואוסט אַז הקבּ״ה האָט מוחל געווען דודן
דעם □א'־ע',,. פֿרגל אותו־מעשׂה, בּ2.
אותרענין — [אויסע איניען] דער. צבֿ. <
תּנחומא, וירא, ח. 1. דער זעלבּיקער ענין,
די זעלבּיקע אָנגעלעגנהייט. עס מאַטערט אים

א'־ע'. אַ שמועס טאָן, זיו דורכרעדן וועגן
א'־ע,.
2. יענער ענין וואָס דער הערער ווייסט
וועגן דעם, אָבּער מע וויל נישט איבּער עפּעס
אַ סיבּה דערמאָנען. ,,דו ווייסט דאָך, א□־ע,
איז שוין אַ פֿאַרענדיקטע זאַד,,. פֿרגל
אותודבֿר, אותו־מעשׂה.

אותדצדיק — [אויסע־צאַדיק] דער. מצ נבֿ. <רשי, בראשית בֿ, 3. יענער צדיק [געניצט צוליבֿ דרך־ארץ]. „כּדי א'־צ, זאָל נישט פֿילן דעם שלעכטן ריח פֿון פּעך“.

אותדרגע — [אויסע־רעגע] די. צבֿ. פּפֿ: אותו־הרגע. 1. געניצט אַדוו. אין דער מינוט, באַלד, שוין, גלײַך תּיכּף־ומיד. „זאָלסט א'־ר אַרײַנקומען אין שטובֿ!„ „זיי וועלן

,

באַלד קומען, די מומעס, א'־הר, קומען“, פּרץ, ,שוועסטער'.

2. יענע מינוט, יענע באַשטימטע קורצע צײַט. „די א'־ר, ווען מע האָט אים אָנגעזאָגט די בשׂורה רעה האָט ער געגעבן אַ פֿאַל צו דער ערד„, רייד. „אין דער א,־ר, האָט דאָס ווײַבֿ אויפֿגעריסן די טיר“, ה. בערגנער, צוק, נאָוו, 1953. „גראָד אין דער א'־ר, געמוזט אויף אַ ווײַל אַראָפּגיין„, אלחנן צייטלין.

אותו־רשע — [אויסע־ראָשע] דער. מצ נבֿ. < בראשית רבה, כבֿ, כז. יענער רשע (געניצט כּדי ניט צו דערמאָנען דעם נבֿזהדיקן נאָמען). „זאָל דאָס געדעכעניש פֿון א'־ר, וואָס האָט געוואָלט אָפּמעקן דעם נאָמען ייִד בלײַבן ווי אַ פֿלעק אויף די דײַטשן פֿון זײַן צײַט“.

-

אותות ומוסתים — [אויסעס אומאָפּסי] די.

במ. < דבֿרים, ו, 22; ירמיה, לבֿ, 20 אאַ.

פּפֿ: אותות און מופֿתים. 'צייכנס און וואונדער, [ספֿרי, דבֿרים, יג, 2: אות — אַ פֿענאָמען אין הימל, מופֿת — אויף דער ערד].
1. איבערנאַטירלעכע דערשײַנונגען (וואָס זייער זינען איז עפּעס צו ווײַזן אָדער דערווײַזן).
„זעט מען פֿון [די צדיקים] נישט קיין א, ומ, גאָר אומגעלערנט, גאָר אָן אַלע חכמות?“, גענאַרטע וועלט, 1815. „זיי זוכן די א, און מ, אַרום: וואו זײַנען די הימלען אין קופּערנער גלות, די זונען אין זעק און לבֿנות אין בלוט?„, אַל II. „אַ נזיר פֿון מדבר דערציילט מיר מיט א, ומ'־סימנים: כ'האָב געזען אין מדבר דעם דאָרן וואָס פֿלאַקערט שוין טויזנטער יאָרן,„ הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט.
2. אומלאָגישע באַווײַזן, כלומרשטע באַווײַזן וואָס זעען אויס עכט. „וואָס ברענגסטו מיר א, ומ אַז דער ענין איז אַזוי פּשוט?“,

,
רייד. ,,די שטאַטסלאָגיק אויפֿן דרך־הישר גייט,
מיט א, ומ, אין דער האַנט,,, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. ,,האָט דער אַנדערער קריטיקער
באַוויזן מיט א, ומ אַז...,,, שע, בלאָנדזענדע

,

שטערן II.

3. לאָגישע ראַיות, פֿאַקטן. ,,אַ פֿאָטער שרײַבט
צו זײַן זון און באַווײַזט אים מיט א, ומ,
ווי וויכטיק עס איז צו לערנען שרײַבן און
רעכענען'', יע, מיט 1OO יאָר צוריק. ,,אין
אמתן האָט ᅳוער ייִד יאָ באַוויזן מיט א, ומ,
אַז דער גוי איז דער גנבֿ'', ייִפֿאָל, 1882,
No 50. ,,האָט אים אָנגעהויבן באַווײַזן מיט

אותיות דרבּי עקיבֿא

א, ומ', אַז זײַן יראה, זײַן אַהבֿה...זײַנען גאָר
לפּנים'', ממוס, שטורעמצײַט. ,,אויסווײַזן מיט
א, ומ', אַז די נאַטור איז אַ ווירטשאַפֿט וואו
עס ווערט גאָרנישט פֿאַרלוירן,,, פּרץ, ,
עולםהבּא,. (אויך מיט איר בײַטעם): ,,אייניקע
האָבן באַוויזן מיט א, ומ, אַז בײַ אַ גוטן ייִדן

איז נאָר אַ שיינע טאָכטער — מוז אויף איר די סטרא אחרא שולט זײַן„, ש. וואַלצענאָק, רבי יוחנטשע, וואַרשע 1883. „האָט זי אויפֿגעקלערט און באַוויזן מיט א, ומ', אַז ס'איז נישט גוט וואָס מענטשן קריגן זיך“, שע.

א־ומ־מ אַ כ ע ר — איר. ווער עס מאַכט אָדער ווײַזט א, ומ'. „זאָגן דעם א־ומ'־מאַכער, אַז אָפּגעבן שטיינער פֿאַר זאַלץ און ברויט איז זייער ניט אָרנטלעך„, ייִפֿאָל, 29 1887, No. 4. (אין פֿאַרשטעלטע רייד) פֿאַקטישע באַווײַזן אויף עפּעס וואָס איז אומלעגאַל. „אַ סך אַנדערע, וועלכע מע האָט געכאַפּט אויפֿן גרענעץ מיט 'א, ומ', אין האַנט, זײַנען פֿאַרשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו„, א. בונדאַוועץ, פּאָליטישע פּראָצעסן, זשענעוו 1904. ־דיק — אַדי.

אותות נפֿלאות — [אויסעס ניפֿלאָע] די. במ. צב. וואונדערלעכע צייכנס, נסים, וואונדערס. „געהערט לויבן דעם בעש„ט וואָס טוט א, נ'“, קח.

אות־זכּרון — [אויס זיקאָרן] דער, ־ס. צב. לויט שמות, יג, 9. אָנדענק־צייכן. 1. זאַך צו סטימולירן, אַרויסצורופֿן אַ דערמאָנונג, אַן אַסאָציאַציע. אַ בלום (בוך), ווי אַן א־ז, פֿון

אַ באַגעגעניש. „גיב זשע, גיב כאַטש עפּעס
מיר אַן א'־ז', אַז איך בין געווען דאָ ביַי
דיזער טיר„, פּרוג I, 'דער הויפּן ערד'.
2. ספּעצ פאַר דעם צוועק געשאַפענע
מאַטעריעלע זאַך (שריפט, פּאַרמעט, מעדאַל, טאָוול,
דענקמאָל אע) צו פאַרצייכענען און
אויפצוהיטן דאָס געדעכעניש פון אַ מענטש אָדער
אַ געשעעניש. אַן א,־ז, אויפן אָרט פון אַ
היססאָרישער פּאַסירונג. אַן א'־ז, צו אַ יובל.
3. יעדער אופן צו פאַראייביקן. „די נעמען
פון די גאַסן און די שטעט פון ישׂראל זיַינען
אַן א'־ז, נאָך גרויסע יִדישע פּערזענלעכקייטן“.
„כז בניסן איז אַן א'־ז, פון יִדישער גבורה
און קדושה אין די יאָרן תּש“בֿ — תש„ה“.

אות־היים — [אויס□כאַיִ□] דע□, ־ס. צבֿ.
צייכן פון לעבן. „די עגונה? דער מאַן אירער
— ווי אין וואַסער אַריַין; וואָלט ער כאָטש
געגעבן אַן א'־ח, אַז ער לעבט“, רייד. „
צוגעלייגט אַ פעדער צו דער נאָז — ניטאָ קיין
א,־ח,□“

אותיות — ← אות.

אותיות־גיסער — דער, ־ס. שריפטגיסער.
ל2, דרייזין. „יִדישע זעצער און א'־ג'...מעגן
פראַנק און פריַ וואוינען הי“, ייִפּאָל, 1887,

No 17. ־ערײַ — 1. די. וואַרשטאַט וואו
מע גיסט אותיות. 2. דאָס. באַשעפֿטיקונג,
מלאָכה, פֿאַך פֿון גיסן אותיות.

אותיות דרבי עקיבֿא — [אויסיעס דעראַבי
אַקיווע] די. במ. נאָמען פֿון אַ מדרש וואָס
טײַטשט אויס די אותיות פֿון אַלף־בית
מיסטיש, אַלעגאָריש און מיט נוטריקון. אויך

אַלףאותיות־הגרון

בית דר, עקיבֿא, ספֿר דר, עקיבֿא, הגדה דר,
עקיבֿא [שטאַמט פֿון 8. י,,ה און צוגעשריבן
ר, עקיבֿאן]. ,,קום און זע וואָס ס'שטייט
אין ספֿר א, דר,,ע: עס איז פֿאַראַן אַ מלאך
וואָס ער שטייט נאָענט בײַ דעם ערשטן הימל
און זעט די ווערק פֿון די לײַט,,, קה, ווילנע
תּרל,,ה.

אותיות־הגרון — [אויסיעס־האַגאָרוין] די. די
קעל־ אָדער גאָרגל־קלאַנגען, די פֿיר לאַריגגאַלע
קאָנסאָנאַנטן פֿון לשון־קודש א — ה — ח — ע
(טי למאָל ר), וואָס האָבן שותּפֿישע
באַזונדערקייטן אין העבֿרעאישער גראַמאַטיק: ס'קאָן
אין זיי נישט קומען קיין דגש.

אותיות־הדיבור — [אויסיעס־האַדיבו] די.

בּמ. די קלאַנגען צום (פֿון) רעדן. 1. סכום קלאַנגען פֿון אַ לשון. „די וועלט איז פֿול מיט קלאַנגען, אָבער דער מענטש האָט נאָר זײַנע א׳־ה׳„. 2. באַגרענעצטער סכום ווערטער אין לשון פֿון אַ יחיד. „יעדע נשמה וואָס גייט אַראָפּ אויף דער וועלט — גיט מען איר מספּר א׳־ה, וויפֿל דער נפֿש וועט אויסריידן„, לדבֿ, נ״י 1957. 3. די בּרכה וואָס מע מאַכט אויף אַ מצווה, אויסצודריקן די פֿרייד אַז מע קען מקיים זײַן דעם רצון פֿון הקבּ״ה. < בית אַהרן לחנוכּה.

אותיות־השימוש — [אויסיעס־האַשימוש] די.
בּמ. (העבּרעאישע גראַמאַטיק) די אותיות וואָס קומען אינאיינעם מיט די אותיות פֿון שורש און דינען ווי פּרעפֿיקסן, אינפֿיקסן, סופֿיקסן אָדער ענדונגען. די כּינויים, די אותיות בּכלם, איתן, יונה [דאָ ווערן דערמאָנט: א, בּ, ה, ו, י, כ, ל, מ, נ, ת; עס געהערט אַהער אויך ש און ד (אויב מע נעמט אַרײַן דעם אַרמישן עלעמענט)].

אותיות־התּורה — [אויסיעס־האַטוירע] די.
בּמ. די 22 אותיות פֿון לשון־קודשן אַלף ▯ בית. „האבּין מיר דאָך גילערנט דז הקבּ„ה האָט אַלי עולמות בּשאַפֿין מיט די א׳־ה׳„, נצ1,

ה/ד. [מנחות, כט/ב: עולם־הזה איז באַשאַפֿן
געוואָרן מיטן אות ה', עולם־הבֿא — מיטן
אות י'. ← בּרכו]ת, נה/א.]
אותיותוויַז — אַדוו. כּסדר, אות נאָך אות.
י
,,איז געווען קלאָר אין תּנך א',,, לדבֿ, נ,,י 1957.
אותיות־זעצער — דער, ־ס. דזוו זעצער.
,,דער א'־ז, איז אַקוראַט ווי אַ מאַשין וואָס
אַרבּעט,,, קמ, 40 1864' No.
אותיותלעך, אות(י)עלעך — ◌וויסיעסלעך,
אויס(י)עלעך] די. פֿאַרקלענער־ און
צערטלפֿאָרמען פֿון אותיות. ← אות.
אותיות מאירות — [אויסיעס מייאירעס] די.
בּמ. 'אותיות וואָס לײַכטן, שײַנען'. 1.
ליכטיקע, גרויסע אותיות, קלאָרער דרוק, שריפֿט.
"דער סידור איז געדרוקט מיט א, מ',,. 2.
אותיות וואָס בּאַלײַכטן, קלערן אויף. "צוּוואָס
זיך אַמפּערן? נייתי ספֿר ונחזה — לאָמיר
אַרײַנקוקן אין מקור, א, מ'!,, 3. וויכטיקער
דאָקומענט, שריפֿט וואָס קלערט אויף אַ האַרבּן
ענין.
אותיות מהכימות — [אַויסיעס מאַכקימעס]
די. בּמ. < יוסף לקח. 'אותיות מאַכן קלוג'.

געניצט מיט בּבֿ: 1. ס'איז בּעסער צו לערנען
פֿון אַ ספֿר איידער בּעל־פּה, דער ענין ווערט
דעמאָלט קלאָרער. 2. אַ מקור, געשריבּן אָדער
געדרוקט, בּאַוויַיזט קלאָר. פֿרגל אותיות מאירות,
בּ2, „די זיבּן נאַרישקייטן קוקן אויף די זיבּן
חכמות ווי בּאַנקקוועטשערס...זיי האַלטן נישט
פֿון די א, מ'„, ייִט, טאָג, 1958 II 12.
„בּאַקענען מיטן אינהאַלט, צוואָס? זאָגט דער
זיידע, א, מ'„, שע, ,אויטאָדאַפֿע.
אותיות מרובּעות — [...מערובּאָע] די. בּמ.
די פּירקאַנטיקע, די קוואַדראַט־אותיות. דער
אַשור־כּתבֿ. געניצט מיטן בּ: שריפֿט פֿון
סידור, חומש, תּנך (מיט אַן אָנדיַיט אויף
הייליקייט); איצט דער געוויינלעכער דרוק־שריפֿט
פֿון לשון־קודש און ייִדיש. „איטלעך פּאַפּירל,
געדרוקט מיט א, מ„, האָט ער געהאַלטן פֿאַר
אַ הייליקער שיימע, פֿלעגט ער דאָס
אויפֿהייבּן, אַ קוש טאָן, אַוועקטראָגן אין
בּיתהמדרש און גונז זיַין אין שמות־קאַסטן אָדער
אויפֿן בּוידעם„..
אותיות פּורהות — [...פּוירכעס] די. בּמ.
> עבֿודה זרה, יח/א. אותיות וואָס פֿליִען

(שוועבן), די אותיות צעפֿלִיִען זיך. [גאַנצער זאַץ: „גווילין נשׂרפֿין ואו, פּ, = די פּאַרמעטן בּרענען, אָבער די א, פֿלִיִען אַוועק„ — רייד פֿון ר, חנינא בּן תּרדיון, פֿון די עשׂרה הרוגי־מלכות, ווען די רוימער האָבן אים אײַנגעהילט אין אַ ספֿר־תּורה און פֿאַרבּרענט לעבּעדיקערהייט.] געניצט מיטן בּ: מאַטעריעלע ווערטן קאָן מען אומבּרענגען, אָבער נישט גײַסטיקע; דאָס אידייאישע לעבּט איבּער רדיפֿות מצד מענטשן און אַפֿילו אַ גזר פֿון דער צײַט; דאָס הייליקע בּלײַבּט שוועבּן אָדער פֿלאַטערן אין לופֿט. „ווי אין אַוויר בּראַנדיקן הייסע א, פּ'„, פֿײַן, 'בּרענענדיקע פּאַרמעטן'. א, פּ, בּאַוויר — אויך מיטן בּ: סתּם רייד אָן ממשותדיקן אָנהאַלט. „די מצוות מעשׂיות זײַנען דער קערפּער פֿון די אמונה, אָן זיי איז דאָס נאָר א, פּ, בּ'...דאָס הייסט אַ לופֿט־געדאַנק וועלכער האָט ניט קיין בּאָדו„, מבּ״ס, הוגה דעות I, ווילנע 1912.

אותיות פֿון מהשבֿה — [...מאַכשאָווע] די. בּמ. אויסדרוק, לבֿוש, כּלים, פֿאַרקערפּערונג. „מחשבֿה איז אויך אַ בּחינה פֿון א, פֿ, מ, פּונקט ווי דיבּור, מער נישט וואָס זיי זײַנען רוחניותדיקער“, תּניא, כו.

-

אותיות־סרעסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
 Boe'] ( ): ־ :Buebstaben resser, ־ .
1. פּעדאַנט וואָס לייגט אַכט נאָר אויף אותיות (ניט אויפֿן זינען, טיפֿערן באַטײַט). אָ פֿילאָלאָג, אַן א'־פֿ'. אַ יוריסט אַן א'־פֿ, וואָס רעכנט זיך נישט מיט דער כּוונה פֿון געזעץ. 2. עמעצער וואָס לייענט אַ סך און פֿאַרשטייט ווייניק.
אותיות צו״ר — ,,כּידוע האָט מען דעם שריפֿט ווײַבערטײַטש־שריפֿט] אויך גערופֿן א, צ', דאָס הייסט אותיות צאינה וראינה,,, ריבֿ, ייִשפּ XI, 2.
אות יהידית — [...יעכידיס] די. ציפֿער פֿון 0 בּיז 9 וואָס ווײַזט אויף די שייכדיקע איינציקע צאָלן; א, עשירית — ווײַזט אויף 10ער; א, מאות .— ווײַזט אויף 100ער. ,,ווילסטו

אַז

וויסן וויפֿל דו האָסט אינגאַנצן, זאָלסטו שטעלן איין שורה אונטער דער אַנדערער, איין אות אונטער דעם אַנדערן — א, י, אונטער א, י',

א, ע, אונטער א, ע'...מאות אונטער א, מ'",
מלאכת מחשבֿת, ווילנע 1874.
אותיק — [אָסיק] אַדי. וואָס איז פֿון (לויטן)
אות, ווען אותיות קומען אַנשטאָט ציפֿערן.
דער ספֿר האָט אַן א'ע פּאַגינאַציע.

אות־כבֿור — [אויס(אָ)־קאָווע] דער, ־ן.
צבֿ. ערן־צייכן. 1. מאַניפֿעסטאַציע פֿון
רעספּעקט צו אַ לעבֿעדיקן (געוויינלעך אין פֿאָרעם
פֿון אַ מעדאַל, סערטיפֿיקאַט, שריפֿט). „די
פּרעמיע פֿאַרן שרײַבֿער איז אויו אַן א'כּ, פֿאַר
אים„. 2. דזוו אות־זכּרון, בבֿ 2־3 (געוויינלעך
אין פֿאָרעם פֿון אַ ספּעציעלן בֿנין אָדער
אינסטיטוציע). „דאָס שלום־עליכם־הויז אין תּל־אָבֿיבֿ
איז אַן א'־כּ, פֿאַרן בּאַליבֿטן פֿאָלקס־קינסטלער".
3. אַן אויסדרוק וואָס איז מרמז אַז אַ צייכן
פֿון אַרויפֿגעצוואונגענער דעגראַדירונג ווערט
אויפֿגענומען ווי אַ צייכן פֿון כּבֿוד. „די געלע
לאַטע איז געווען דער א'־כּ, פֿאַר ייִדן אין
געטאָס".
אות־לגויים — [אויס־לאַגויאים] דער. מצ נבֿ.

צבֿ. [פּאַראַלעל צו „נס לגויים„ < ישעיה, יא, 12]. צייכן, מוסטער פֿאַר פֿעלקער. „מדינת ישׂראל דאַרף ווערן אַן א׳־ל, הן מיט איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג והן מיט איר הויכער עטיק„, אפֿא.

אות־לטובֿה — [אויס־לעטויווע] דער. מצ נבֿ. < תּהליס, פּו, 17. 1. צייכן צום גוטן, סימן טובֿ, אָנדײַט אויף גנאָד. „די זון האָט געשײַנט ראָש־השנה; דאָס איז טאַקע אַן א׳־ל, פֿאַר אַ גוט און געזונט יאָר, אָמן!„, רייד. "צעבּראָכן דעם טעלער? מזל־טובֿ! זאָל עס זײַן אַן א׳־ל'„, רייד.

אות־קין — [אויס קאַאין] דער. מצ נבֿ. צבֿ. אויפֿן סמך פֿון בּראשית, ד, 15. 'קינס צייכן, (וואָס גאָט האָט געמאַכט אַז קיינער זאָל אים נישט טייטן). שאַנדפֿלעק פֿאַר פֿאַרבּרעכן (ממש און סימבּאָליש). „עד סוף־הדורות וועלן זיי טראָגן דעם א׳־ק, פֿאַר די רציחות לגבּי דעם ייִדישן פֿאָלק„, רייד. אָנהענגען עמעצן אומזיסט־אומנישט אַן א,־ק'. זיך אַרומטראָגן מיט אַן א׳־ק'. „און מוז זיך נעמען וואונדערן אַ לעבּן־לאַנג...און טראָגן אויף זײַן שטערן דעם א׳־ק'„, יעקבֿ מייטליס, גק, No 48.

א״ז — ר„ת פֿון: אָבֿי זקני, אמי זקנתי, אדום

זהבֿ, איש זכּאי, איש זר, אשה זרה אאַ.
אַז — קאַנ. 1.:la2) : ▯ ▯M [אין עלטערער
ליטעראַטור, אויך צום טייל אין פֿמ — דאָ▯].
פֿאַרבּינדט אַן אָבּיעקט־זאַץ מיטן הויפּטזאַץ.
אָפֿט נאָך די ווערבֿן: זאָגן, זען, הערן, וויסן,
הייסן, בּאַפֿעלן, פֿאַרשטיין, טראַכטן אע. ער
ווייס אַז ס'איז ניט אמת. איך פֿאַרשטיי אַז
ער בּאַהאַלט עפּעס פֿון אונדז. „אַז ▯I. בּ9]
צוויי זאָגן אַז דו ביסט שיכּור — לייג זיך
שלאָפֿן„, שוו. „געהערט...פֿון די גרעסטע
גלחים אַז דער וואָס איז נישט מקבּל אונדזער
אמונה דער איז טמא ומטומא„, שארית י▯ראל,
[לעמבּערג? יאָר?]. „זעט זשע אַז וואָר האָבּ איך
גערופֿן און איר האָט נישט געוואָלט„, מס,

אַז

משלי תּקע״ד, א, 24. „געהערט האָבּ איך פֿון
לאַנג אַז וואוינען וואוינט יאַהאַ אין
דנעפּראָוועץ“, ממוס, קליאַטשע. „פֿיר איך איַן אַז אַ
ווייַבּ זאָל תּמיד האָבּן בּיַ זיך אַ דריַערל„,
שע, 'ווען איך בּין ראָטשילד'.
2. קומט נאָד גערונדיוון און פּאַרטיציפּן און

פֿאַרבינדט מיט זיי דעם אָפּהענגיקן זאַץ.
נעמענדיק אין אַכט (באַטראַכט) אַז...; אָנגענומען
אַז...; זעענדיק אַז.... פֿאַרשטייענדיק אַ□ ...;
□
אָפּגעמאַכט אַז...; אײַנגעשטעלט אַז.... אַזוי
אויך: נ נ י ח אַז...
3 פֿאַרבינדט אויך אַ סוביעקט־זאַץ און אַ
.
פּרעדיקאַט־זאַץ מיטן הויפּטזאַץ. ,,וועמען דאַרף
עס אָנגיין אַז אַ ייִדיש בחורל גייט זיך שבת
בײַטאָג שפּאַצירן אַ ביסעלע ווײַטער הינטער
דער שטאָט?“, שע, 'אויפֿן פֿידל'. ,,אַז לייבעשי
זיצט אויבנאָן האָט אים זייער געשטאָכן,,,
טעיאַטאָר. ,,דער כּלל פֿון חכמה איז אַז מע
שווײַגט...באַדאַרף מען דערויף קיין חרטה
האָבן,,, ספֿר חסידים, תּק“ז? ,,מײַן רצון איז אַז
די קינדער זאָלן בלײַבן בײַם וואַלד בשותּפֿות,,,
פּרץ, 'פֿיר דורות   פֿיר צוואות'. ,,דאָס געזעץ
□ --
איז אַז אַ טייל ירושה מוז גיין פֿאַר דער
פֿאַמיליע,,, רייד. 4. פֿאַרבינדט אויך אַ בײַזאַץ
וואָס דריקט אויס אַ ציל, אַ כּוונה און פֿאַרבײַט
כּ ד י. ,,שטייט אויף גאָר פֿרי אַז איר זאָלט

אים טרעפֿן,,, רייד. ,,איך קום צו דיר אַז דו זאָלסט מיר העלפֿן,,, רייד. ,,אַפֿילו צו וואַשן דײַנע פֿיס איז מיר אויך ליבֿ אַז דער שם זאָל זײַן אַז איך בין דײַן ווײַבֿ,,, ספֿר חסידים, תּק,,ז? ,,איך וועל דיך...מזכּיר זײַן בײַם רבין אַז דו זאָלסט...באַגערן צו לערנען‘‘, אַש, תּהילים־ייִד.

5 פֿאַרבינדט אַן אַטריבוטיוון בײַזאַץ מיטו

.

סובסטאַנטיוו; קען פֿאַרבײַטן ו ו אָ ס. מיט דער הנחה אַז..., מיט דער השערה אַז..., מיט אַ פֿאַרשטענדעניש אַז.... ,,זיא האָט חרטה אויף

דיא ביזי מעשׂים אַז זיא גיטון האט, ספֿר

מעה נסיס, נח [אַווע III]. ,,איך האָבֿ שוין

דערלאַנגט די בקשה אַז מע זאָל מיר

פֿאַרלענגערן די וויזע,,, רייד. ,,געבראַכט די פֿריילעכע בשׂורה אַז אָט באַלד קומט צו פֿאָרן...,,, ממום.

פֿאַראַן בײַ אונדז אַ ווערטל אַז אַ ייִד, בפֿרט

,, — -

אַן אָרעמאַן, טאָר קיין הנאה ניט האָבן‘‘, שע.

,,דער יצר־הרע האָט שוין אַזאַ גליק אַז אים פֿאָלגט מען אַ סך מער ווי דעם יצר־טובֿ,,, שע פֿונעם יאַריד.

,

M�d: a 1 s.6 ־קומט נאָך אַ
קאָמפּאַראַטיוו, ספּעצ נאָו מ ע ר און באַטײַט דזוו ווי,
אַזוי ווי. „מער אַז ברויט מיט קרופּניק האָט
מען ניט דערפֿון“, פֿול. „אונטר שטיט זיך
מער צו טון אַז זײַן פֿר מעגן איז“, מ.
שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, מח, 30. „איך
בין הייליגר אַז דו“, סה�ו, ישעיה, סה, 5.
„עז איז נאָך ערגר אַז דר פֿאטר„, בראַנט.
„בעשׂר האָט אַז איר אַלי„, לט1, הקדמה. „איין
פֿינשׂטר אורט, מער שוואַרצר אַז איין קולן„,
בע, כב/ג. „מער אַז איין יאָר„, מרדכי און
אסתּר, וואַרשע 1842. „...זעקס עופֿות, דאַרף
דאָך מער ניט זײַן אַז זעקס לעבערלעך“, שע,
צער בעלי־חיים'. „מער אַז לאַטעס לייגן קען,
ער ניט“, אָר, ,דער אַלטער טעסלער.. „אַ

לאַנגער שמועס אָן אַ צוועק...מערנישט אַז
[= בלויז] אַן אויסרייד„, שע, אַלט־נײַ
כתרילעווקע.
7. דזוו ב6. קומט נאָך ווערבן און
אַדיעקטיוון, אַרכ, פֿון בבֿא־בוך: “גלײַך אַז איין
האָר„ (288), „קויגליך אַז איין ראָד„ (530),

„שווײַגן אַז איין מויז“ (567), „זי גינגן הריין אַז צוויי הופּשי טויקליך“ (624). „גלײַך אַז איין גפּלאַנצטיר בּעטליך גאָרטן„, בּע, כה/ג. „מאַנן דיא דא זײַן אַז ווײַבּר אונ, קינן ניט פּיל לערנן„, בּראַנט. „איר שלייאר אום גיוואונדן אַז די אַבֿלים בּיז אין דיא אויגן„, ווינץ. „זיא זײַנן נחשבֿ אַז דיא כּלבֿים„, נצ1, בּמדבּר, ה, 2. „וואָלט דער מענטש געאַרבּעט בּײַנאַכט אַז ווי בּײַטאָג„, צור, בּראשית. 8. דזוו בּבּ 6־7, בּײַ אַ פֿאַרגלײַך. „די קרבּנות זײַנען נאָר אַז אַ תּיקון צום קלקול פֿון תּורה ׳, דובּנעד מגיד, משלי חכמה, ווילנע תּר„ן.

9. קומט מיט אַ צ ײַ ט־בּאַטײַט, דזוו ו ו ע ן. זייער אָפּט אין ריידשפּראַך. פּטמ [דערבּײַ ווערט אָפּגעריבּן דער חילוק צווישן צײַט און תּנאַי, ← בּ10]. „אַז מע קלינגט איז אַ חגא„; „אַז דאָס האַרץ איז פֿול, גייען די אויגן איבּער„; „אַז מע קלאַפּט אין טיש רופּט זיך אָפּ די שער„; „דינער זײַנען געטרײַ אַז זיי זײַנען נײַ„; „אַז מע בּאַצאָלט אַ חובֿ, מעג מען מאַכן אַ יום־טובֿ„, שוו. „אַז בּענציע דײַנער וועט אונטערוואַקסן, עלטער ווערן...„, ממוס, ווינטשפּ. „אַז ס'איז ניט געווען קיין געלט, האָט מען געזוכט...“, שע, פֿונעס יאַדיד. „אַז

מאָניש גייט...אין חדר, בלײַבט ער שטיין בײַם טויער", פּרץ, ,מאָניש,.
10. קומט מיט אַ ת נ אַ י־באַטײַט, דזוו אויב. ← ב9. ,,אַז עס גייט ניט, שטופּט מען אָ אונטער"; ,,אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם (אויך),,, שוו. ,,אַז גיט הײַנט איז מאָרגן, און איבערמאָרגן איז אויך אַ טאָג", פּוול. ,,אַז פּיל, פאַרמאָגט ער אַ הונדערטער,,, רייד. ,,אַז הויך, קען איך אויסגעבן אַ צענערל", רייד. ,,אַז מע רעדט, דעררעדט מען זיך,,; ,,אַז מע וויל לערנען כסדר, מוז מען יונגערהייט גיין אין חדר,,; ,,אַז מע האָט נעכטן געגעסן, איז מען הײַנט ניט זאַט,,; ,,אַז אַ ביסל איז גוט, איז אַ סך נאָך בעסער,,, שוו. ,,אַז איך וואָלט געהאַט דעם מלכס אוצרות...,,, פּל. ,,אַז ער וויל ניט גיין, זעץ אים אויס די ציין", פּל. ,,אַז ס'איז באַשערט דאָס גרויסע געווינס,...קומט עס גלײַך אין שטוב אַרײַן", שע, טבית.
11. ווײַזט אויף דער מדרגה; פאַרבײַט (און באַווירקט פון) אַ ז ש. קאָלט אַז פאַרפאָרן צו ווערן. הייס אַז מע קען צעגיין ווי פּוטער. ,,דער טײַך...איז אין די פּאָר יאָר אָפּגעפאַלן אַז ערטערווײַז קען מען ממש איבערגיין טרוקן־פוס", ממוס, מסעות. ,,די דאָזיקע

רעוואָלוציע ווערט צוגעגרייט אַז ניט צו באַמערקן, ימ, ניִס, 1924.

12. קומט אָנהייב זאַץ וואָס איז עמאָציאָנעל אָנגעלאָדן. קען באַטײַטן: ה ל ו ו א י, אַז אָך און אַז וויי! אַז וואויל איז צו אים! „אַז איו וואַלט שוין פּטור געוואָרן פֿון אַזאַ אָנשיקעניש!„ „אַז אַ בּריוו אָדער אַן אַנדער ידיעה זאָל קומען!“ „אונטער אַ נאַרישן קאָפּ —

אַזאַ

אַז וויי צו די פֿיס“, שוו. אַז לאַנג לעבּן זאָלט

.

איר = בּ אָפּהענגיק פֿון קאָנטעקסט און אינטאָנאַציע, בּײַם לויבּן אָדער האָבּן אַ טענה. „אַז..., מישט זיך ניט אַרײַן! ס'איז ניט אײַער עסק„, רייד. „אַז..., גוט וואָס איר האָט עס מיר דערמאָנט„, רייד. קללות: „אַז דער טײַוול זאָל עס נעמען!„ „אַז דערשטיקן זאָל ער זיך מיט דעם פּעטן בּיסן!„ אויך אין מיטן זאַץ אין אויסדרוקן: אַז וואויל, אַז גוט, אַז גוט און וואויל. „ווער אָן איר [דער חכמה] לענט זיך אָן, איז אים אַז וואויל„, מ ו, משלי, תּקע״ד, ג, 18. „האַלטסטו אויס די פּראָבּע אַז וואויל

און גוט איז דיר דענסטמאָל,,, ממוס, מסעות.
,,טו ווי איך זאָג דיר, וועט דיר זײַן אַז גוט
און אַז וואויל,,, שע, פֿונעס יאַריד 13 .I. קומט
נאָך אַן אַנדער קאָניונקציע (בּולטער צו מאַכן
די פֿאַרבּינדונג). ,,היות אַז איר האָט יאָ אַזוי
בּאַשטימט, טאָ טוט עפּעס“, רייד. ,,און
וויבּאַלד אַז זעקס עופֿות, דאַרף דאָך מער ניט
זײַן אַז [בּ6] זעקס לעבּערלעך“, שע, ,צער
בּעלי־חיים'. ,,כאָטש אַז יראה איז דער שורש
אויף אַוועקגיין פֿון שלעכטס...,,, תּניא, קיא.
14. אַרכ. דזוו בּלויז, סײַדן. ,,אַל צײַט
בּיגערט ער נישט אַנדרש אַז זײַן הייליגן נאמן
צו דינך“, לט1, כז/כ.
אַז... אַז — אַרכ. דזוו אַזוי...אַז (←). פֿון
בּבֿא־בּוך: ,,אַז ווײַט אַז די וועלט זול מן זאָגן
דר בֿון,, (611); ,,רידט גלײַך אַז ויל [= פֿי▯ I
אַז די שטומן“ (635); ,,דער איז דיר גלײַך
אַז גוט אַז איך,, (637); ,,אַז בּ[אַ]לד אַז זי
דער זאַך [= דערזען] זײַן גוט גישטאַלטן,
דא קונט זי זיך ניט מען [= מיין, מער]
אויף האַלטן,, (631).
זאַ, — פּראַ. (s ▯s ein : ▯ ▯M▯)
ein]> אַזוי. למשל: ,,דיא הוצאות זײַן גרויש
אַזו ווײַטי וועג צו וואוירן,,, ,פּריוואַטע ייִדישע

בריוו פֿון 1533,, וואַכשטיין־בוך, ייִוואָ]. > אַזוי אַ. בייגט זיך ניט אין אצ, ווען עס קומט פֿ אַ ר ן סובסטאַנטיוו אָדער סובסטאַנטיווירונג. אַזאַ מאַן,

.

אַזאַ פֿרוי, אַזאַ קינד, מיט אַזאַ מאַן אאַזוו. ווען נייטראַל און נאָכן סוב קען אויך זײַן אַזאַס: שוין אַ קינד אַזאַ(ס). נאָכן סוב פֿון מענלעכן אָדער ווײַבלעכן מין קען אויך זײַן פֿטמ: אַזאַנעם, אַזאַנער. ,,דו לעבסט נאָך אַלץ מיט אַ מאַן אַזאַנעם!“ ,,מכל־שכן ווען כ'קען מיך פֿאַררופֿן נאָך אויף אַן אַרגומענט אַזאַנעם“, נפֿ, ייִפֿאַ, 8 1938, No. מצ — אַזאַנע. אין לר אָן אַ מחיצה־נון פֿאַר אַ וואָקאַל: אויף אַזאַ אופֿן, אַזאַ אָרעמאַן, אַזאַ עכט וואָרט.

אין פֿד, אוקך קען אַרײַנקומען אַ מחיצה־נון: אויף אַזאַן אופֿן אאַזוו. ← אַזוינע.

1. מיט אַ ספּעציעלער אינטאָנאַציע, אויסגעצויגן און שטאַרק אַקצענטירט, עמאָציאָנעל. וואָס איז אויף אַ באַזונדערער מדרגה. אַנדערש, אומגעוויינלעך. וואָס איז אַ יוצא־מן־הכלל. וואָס רופֿט אַרויס פֿאַרוואונדערונג, רחמנות, פּראָטעסט אָדער אַן אַנדער שטאַרק געפֿיל. אַזאַ גליק! אַזאַ האַרצווייטיק! אַזאַ אומגליק! אַזאַ מאַמע! אַזאַ קינד! אַזאַ צדיק! אַזאַ זשוליק! ,,ווי

פֿאַלט דיר איַין (פֿאַלסטו אויס) צו טאָן אַזאַ
זאַך?‟, רייד. „איך זאָל האָבן אַזאַ פֿרוי...עס
איז דאָו דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן מיט איר

אַזאָזיך צו אונטערהאַלטן, קמ, l868, No l0.
„אַ קאַטאָוועס אַ ביסל אַזאַ מציאה!„, ממוס,
פּריזיוו. „ער איז פֿאַרטיק מיט לייַב און לעבן
זיך איבערגעבן צו גדליהן — אַזאַ וואוילער,
ערלעכער געטרײַער מענטש!„, שע, יאָסעלע
סאָלאָוויי. „אַלצדינג באַקומט עפּעס אַזאַ
פֿרײַנדלעך, יוס־טובֿדיק פּנים‟, בן־עמי, די ערשטע
נאַכט חנוכּה, אַדעס 1893. „צוּוואָס דאַרפֿט איר
דערציילן מיט אַזאַ אויפֿרעגונג?„, ספּ, סודות.
„ער האָט געזען דאָס ברויט אויף אַזאַ
אויסטערלישן שטייגער‟, אַש, תּהילים־ייִד. „...איז
נפֿטר געוואָרן. אוּ־וואַ, אוּ־וואַ, אַזאַ
אויסכאַפּעניש!„, פֿייגל פֿריד, צוק 1957, X. „הער,
לאָמיר ביידע חתונה האָבן! מיר פֿירן זיך
שוין אום אַזאַ צײַט‟, פֿל.
2. אָן אַ ספּעציעלער אינטאָנאַציע. וואָס איז
אַזוי ווי עס איז, ווי עס איז אָנגעוויזן אָדער
ווערט פֿאַרשטאַנען. וואָס איז גלײַך, איז פֿון

דעם זעלביקן מין. „איידער אַזאַ לעבן איז שוין גלײַכער אַ בעסערס“, פּוול. „וואָס פּאַר אַ גוט־מאָרגן אַזאַ גוט־יאָר“, שוו. „אויף אַזאַ קדיש געהערט אַזאַ ברכו“, „ווי מע פֿרעגט — אַזאַ תּשובֿה קריגט מען“, שוו. בײַ אַ

שבֿועה, אַ ווי☐ טשעניש, ברכה, קללה: אַ, שטיק גאָלד זאָל איך האָבן! אַ, יאָר אויף מיר (דיר, מײַנע שׂונאים אאַ). אַ, גליק זאָל מיר זײַן באַשערט! אַ, מכּה זאָל ער קריגן! „אַ שטיקעלע סחורה (וואַרע) — מיר שוין אַ, יאָר„, רייד. „קיין גרויסן טעם האָט דאָס לעבן אַזאַס ניט געהאַט“, ייִז, דערציילונגען.

3. דזוו ב1 & ב2 ווי אַן אַרײַנפֿיר און פֿאַרבינדונג מיט ווײַטערדיקע, דערקלערנדיקע, אויסטײַטשנדיקע ווערטער. „עס איז אַזאַ איבער געלויף געווען, אַזאַ ענגשאַפֿט, אַז [←. אַז, ב1 1] עס איז שיִער אין נפֿשות געגאַנגען“, ארז, קמ, 49 1868, No. „טראָג זיך איבער... אין אַזאַ צײַט, אין אַזאַ אָרט, גאַנץ ווײַט און פֿרעמד פֿון דיר„, ממוס, שלמה. „שמואליק איז אָבער ניט אַזאַ חבֿר, וואָס מיט איין וואָרט זאָל מען פֿאַרלירן בײַ אים אינגאַנצן“, שע, פֿונעם יאַריד. „ס'איז דאָ אַזאַ וואָג וואו אַלץ ווערט געמאָסטן און אַלץ ווערט געוואויגן„,

הל, אַ תּפֿילה! „אַוודאי איז דאָ די וואָר אַזאַ

,

וואָס שיילט און ענדערט אום געשטאַלטן“,

א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט.

4. וואָס ווײַזט ניט אָן געניו די סימנים אָדער אייגנשאַפֿטן. אַזאַ מין באַשעפֿעניש. ס'איז אַזאַ חיה, אַזאַ בוים, אַזאַ כלי. „מילא, עס איז שוין געווען אַזאַ באַגעגעניש„, רייד. „דאָס פֿוילן זיך איז געווען בײַ אים אַזאַ מין אַרבעט„, דר, א. גינזבורג, צוק, 1936, III.

5. (בשײַכות מיט ב2) מיט פֿאַרשיידענע אינטאָנאַציעס, וואָס ווײַזן אַרויס די באַציאונג. זעלבשטענדיק, אָן אַ ווײַטערדיק וואָרט, מיט אַן איבעררײַס אין שטים, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. „וואָס קענסטו טאָן מיט אים? ער איז שוין אַזאַ...„, רייד. „אויף אַזאַ...האָבן די חכמים געדרשנט...„, רייד.

אַזאַ אָ — אָט אַזאַ. אַ, אָ קליינס. „צו אַלדי שוואַרצע יאָר אַ, אָ מזל!„ „אַ, אָ פֿינצטערניש, אַ, אָ פֿאַלן“, א. שומיאַטשער, אין שעהען

פֿון ליבשאַפֿט. אַזאַ איי□ נער — איינער,

עמעצער; וואָס איז ווי אַזאַ וואָס איז שוין
דערמאָנט. ‘‘איינמאָל איז דורכגעגאַנגען אַ, א,
וואָס האָט אין זײַן טאָרבּע מיטגעפֿירט אַ
שווערן, גרויסן שטייו‘‘, אַש, תּהילי□רויִד. אַזאַ
יאָר אוי□ [... — בּײַם ווינטשן אָדער שעלטן.
,,רבּונו של עולם! אַ וועלט האָסטו בּאַשאַפֿן —
אַ, י, א, מיר; פֿירן פֿירט זי זיך (פֿירסטו זי)
— □ י, א, מײַנע שׂונאים!‘‘, שוו.
־איק — אַדי. נעאָל. ־איקייט —
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אין אַזאַ גרופּע, אויף אַזאַ
אופֿן, פֿון אַזאַ מין.
אַזאָ־ — (כעמיע) ערשטע העלפֿט פֿון אַ צאָל
נעמען פֿאַר פֿאַרבּינדונגען וואָס האָבּן א□I. זיך
אַזאָט (←.), למשל: אַזאָבּענזיז.
אַזאָפּאַרבּן — פֿאַרבּן וואָס אַזאָט איז זייערער אַ
כעמישער בּאַשטאַנדטייל.
אַזאָאיש — אַדי. < איי < גר. 'אָן לעבּן'.
1. וואָס איז אָן אָרגאַנישן לעבּן. 2. (געאָלאָגיע)
וואָס האָט ניט אין זיך קיין סימן אָז עס איז
געווען פֿאַרבּונדן מיט לעבּן, וואָס מע געפֿינט דאָרטן
ניט קיין פֿאָסילן. אַ'ע שיכטן פֿון דער ערד.
די אַ'ע תּקופֿה פֿון אונדזער פּלאַנעט. 3. (
כעמיע) דזוו אַזאָטיש.

אַזאָ'ט — דער. בא. < איי < גר.
שטיקשטאָף, ניטראָגען. כעמישער עלעמענט, גאַז
אָן קאָליר, און אָן ריח, אָן טעם. זײַן
סימבּאָל איז □נ□ אַטאָמישע וואָג 14008. 78% פֿון
דער אַטמאָספֿער. באַשטאַנדטייל פֿון אַלע
לעבּעדיקע געוועבּן. „די אָרגאַנישע שטאָפֿן פֿון
אַ פֿלאַנץ...באַשטייען פֿון פֿיר איינפֿאַכע
קערפּער (עלעמענטן): קוילנשטאָף, וואַסערשטאָף,
זויערשטאָף און שטיקשטאָף (אַ')“, מינקאָווסקי,
די פֿלאַנץ און איר לעבּן, וואַרשע 1923. אַ'־
זײַערס — „בּראָדעווקעס קען מען באַזײַטיקן
דורך צוּבּרענען מיט שטאַרקע אַ'־ז',„ פֿגעז,
ווילנע 19 1927, No. ־יש — אַדי. ווערבּ:
אַזאָטירן.
אַזאָטניאַ'ק — דער. מצ נבּ. מישונג פֿון
וואַסער מיט אַ בּיסל אַזאָט־זײַערס. געניצט צו
באַקעמפֿן שעדלעכע אינזעקטן. „ווען מע קען
שוין אויף די פֿעלדער נישט טרעטן, באַשפּריצט
מען די גאָרטשיצע מיט אַ'“, חנ, טמז,
.17 □ 19□3
אַזאַטקעס — די, מצ. a(lki □+o: □. <־
a□]□oea: □־ <. דאָס וואָס זעצט זיך אָפּ
אויף מכשירים און אויך אויף דעם אַרום בּײַ

אַן אַרבעט. אַ, פֿון אייל פֿון מאַקוכע. „דער
—
'
מילנער האָט חוצן אָפּצאָל געהאַט דעם פּול,
...און אַ', דעם אָפּפֿאַל פֿון דער געזיפּטער
תּבֿואה„, ה. אַבֿדאַמאָוויטש, ייִבֿל XXII, 1.
אַז אָך אץ ווײ — דזוו אָך און ווײ (←),
נאָר אַ ביסל עמפּאַטישער. ווייטיקדיקער
אויסדרוק פֿון באַקלאָגן (זיך). ← אַז, בּ12. אַז
אָ, א, וו, מיר (דיר, אונדז, איַיך...). „טאַטע,
דו לאַכסט? אַז אָ, א, וו, צו דיַין געלעכטער„,
פֿול. „וואָס קען איו מאַכן?...אַז אָ, א, וו,
איז אונדז ביידע", ממום, קליאַטשע. „אַז
אָ, א, וו, וואָס פֿאַר אַן עליה ער באַקומט„,
לייבּ לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער,

אָזאָנירן

ווילנע 1888. „אוי, מיַין לעבן, מיַין לעבן...
אַז אָ, א, וו'!", נ. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה,
ווילנע 1865. „יענער האָט מויערן מיט היַיזער,
און איך — אַז אָ, א, וו, צו מיר", פּינסקער
שטאָט־לוזז, תרס„ד.
אַזאָ'ל — דער, ־ן. (כעמיע) פֿאַרבינדונג וואָס
חאָט אין זיך אַ פֿינפֿגלידערדיקן רינג, מי ◻

איין אָדער מער אַטאָמען פֿון אַזאָט. ד□אַז□ל
— מיט צוויי אַטאָמען פֿון אַזאָט, טר□אַז
— מיט דרײַ אַטאָמען פֿון אַזאָט. פֿרגל אַזין.

אַזאַלעע — די, ־ס. (באָטאַניק) בלום פֿוו צפֿונדיקן קלימאַט; וואַקסט אויף זאַמדיקן באָדן; מיט אַ סך קאָלירן, מיט און אָן אַ ריח. ענלעך אויף ראָדאָדענדראָן. ווערט קולטיווירט אומעטום ווי אַ דעקאָראַטיוו געוויקס. אויך: אַזאַליע.

.A□alea

אַזאַם, אַזאַמען — אַרכ. דזוו דער צווייטער טייל פֿון צ ו ז אַ מ ע ן. „ווען איין חבֿרותא בײַ אָזאַמין זיצט און טואהן זיו פֿון אָזאַמין רײַסן...„, עיון, סב/א. „עשׂ האבּן עטליבה לײַט מיט אַזאַס שותּפֿות גמאַכט“, מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג תּקל„ה.

אָזאָ'ן — דער, בּא. < איי < גר. (כעמיע) גאַז. אַלאָטראָפּישע פֿאָרעם פֿון זויערשטאָף. באַקומט זיך געוויינלעך, ווען אַן עלעקטרישער שטראָם ווירקט אויף זויערשטאָף. דעריבער איז פֿאַראַן מער אָ, אין דער לופֿט נאָך אַ שטורעם

מיט בליצן. געפֿינט זיך מער אין די אייבערשטע שיכטן פֿון דער אַטמאָספֿער וואו זויערשטאָף ווערט באַווירקט פֿון די אולטראַ־וויאָלעטע שטראַלן פֿון דער זון. האָט אַ בלוילעכן קאָליר און אַ ספּעציפֿישן ריח. אָ, איז אַ שטאַרקער אָקסידירנדיקער מיטל, ווערט געניצט צו סטעריליזירן וואַסער, צו רייניקן די לופֿט אאַ. „פֿון דעם קיצלדיקן אָ'־דופֿט וואָס עס גיבן אַרויס פֿון זיך די צעפֿלאַמטע אולטראַ..וויאָלעט־לאָמפּן“, דטש, ווילנע. „די לופֿט בײַם ים...איז רײַן אין...אָ, ⁽, פֿגעז, פּאַריז 9 1949, No. „עס שמעקן די דראָטן מיט פֿרישן אָ'“, א. כאַריק, קײַלעכדיקע וואָכן. ־יש — אַדי.

אָזאָנאָספֿער(ע) — ספֿערע אין לופֿט מיט אַ סך אָזאָן. „דער צווייטער שיכט פֿון וואולקאַנישן שטויב געפֿינט זיך אומגעפֿער אויף אַ הייך פֿון 150,000 פֿוס, וואָס דאָס איז שוין די אַזוי־גערופֿענע אָ'ע, וואו ס'געפֿינט זיך אָזאָן...„, טמז, 25 1963 X.

אָזאָנאַציע — די, ־ס. פּפֿ:
אָזאָניזאַציע. פּראָצעס פֿון פּראָדוצירן אָזאָן פֿון געוויינלעכן זויערשטאָף, אויך דאָס פֿאַרבינדן אָזאָן מיט אַן אַנדער עלעמענט.

אָזאָניד — דער, ־ן. פֿאַרבינדונג וואָס

האָט אין זיך אָזאָן*
אָ
נ□ זירן, נר. ב טראַנספֿאָרמירן זויערשטאָף
זאנירן — טרוו. ־ניר, אָזאָנירט. פּפֿ:

אָזאָאין אָזאָן. 2. דורכנעמען עפּעס מיט אָזאָן.
אָ, די לופֿט כּדי גרינגער צו אָטעמען. 3.
פֿאַרבינדן אָזאָן מיט אַן אַנדער עלעמענט. ־ונג.

אַזאַס

אַזאַ'ס — אויסרופֿוואָרט. אוקר. □נae□ □ □ <.
אויך: אַןאַסיע, אַזיאַס. אַוועק, טראָג זיך
אָפּ! מע טאָר ניט! ריר ניט! רייד ניט! „
אַזאַסיע, דו אַפּיקורס איינער“, ייִל. „מיט די אויגן
נאַ, זע, קוק וויפֿל דו ווילסט. נאָר מיט די
הענט — אַ'!“, שע, טבֿיה. „אַ', דו משומד!
מיינט ס'איז אים ליזאַ“, שע, 'מענטשן'. “אַז
ער וועט שוין וועלן אַוועקגעבן זײַן גאַנץ
פֿאַרמעגן, וועט מען אים זאָגן: אַ'! איצטער
איז שוין צו שפּעט„, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. „צוואַנציק יאָר אָפּגעזעסן בײַם טויער
און געקוקט אויף דער לבֿנה, שלאָפֿן — אַ'!“,
פֿרוג III. „וועמען, וועמען, נאָר מיך אויסלעבן

פֿונדאַנען — אַ'!", בערג, בײַם דניעפּער I.
אַ, דיר — אויך: דיר אויף צו־להכעיס, דיר
אויף צעפּוקעניש. „אַ, דיר, וועסט בײַ מיר
ניט אויספֿירן", רייד. סוב — א) חצוף. „איך
פֿרעג, פֿאַרשטייסטו? איך, איך פֿרעג. דרך־ארץ,
אַ'!", ממוס, קליאַטשע; ב) אָפּשײַ. „מע דאַרף
האָבן אַזאַסיע פֿאַר אַן עלטערן מענטשן",
רייד.

אָזאָסטאָמיע — די, ־ס. < איי < גר. (
מעדיצין) שלעכטער ריח פֿון מויל.
אָזאָקערי'ט — דער, ־ן. < איי < גר. פּפֿ:
־צערי'ט. דזוו ערדוואַקס. מינעראַל, ענלעך
צו וואַקס, אָן קאָליר אָדער ווײַס. געניצט צו
מאַכן ליכט, שוכוואַקס, דילנוואַקס, וואַזעלין אאַ.
אָזאָר — ← אוזאָר.
אַזאַר'ט — דער, ־ן. < איי < פֿר < אַראַביש
[= ווערפֿל]. 1. שאַנס, ריזיקע. אַ ש פּ י ל
— יעדער מין שפּיל וואו דער רעזולטאַט איז
אָפּהענגיק פֿון פֿורן, ריינעם צופֿאַל און וואָס

ציט אַרײַן דעם שפּילער אין דער סכּנה אַ סך אָנצוּווערן. בּיינדלעכשפּיל, קאָרטנשפּיל אאַ אַ'־שפּילן. „דאָס געווינס פֿון בּלוטיקע אַ'ן„, י. מאַניק, 'קאָשמאַרן'. 2. צעהיצטקייט, אויפֿגעקאָכטקייט. אײַנשטעלערישקייט. שפּילן מיט אַ,. „און דאָ שטייט ר, יורקע און שרײַט מיט ווילד אַ': אַ העזה פֿון אַ שרץ!“, ר, מרדכילע, משלים. 3. (גליקלעכער און גלײַכצײַטיק) געפֿערלעכער צופֿאַל. ווענטורע. גוטע און גלײַכצײַטיק געפֿערלעכע געלעגנהייט (צו פֿאַרדינען, אויפֿצוטאָן עפּעס אע). “איך מוש גין אַנדרש וואו, מיר איז איצונדר איין אַנדרן האַזאַרט קומן צו הענדן“, ספֿר משליס, פֿפֿדמ 1686. „האָט ער געדאַרפֿט אויסווירקן...זײַן קאַלטבּלוטיקן אָ'“, גרינ, מענטשן און ווערטן.

־יק, ־יש — אַדי. אויך: אַזאַרטנע — „פֿיר הונדערט און פֿופֿציק מפֿטיר... — פֿינף הונדערט! — האָט הערי אַ, אויסגעשריִען„, אַפּאַ, אַרוס די חורבֿות.

אַזאַרטניק — דער, ־עס. ווב ־ניצע, ־ס. ווער עס שפּילט מיט אַזאַרט, איז אַרײַנגעטאָן אין אַן אָזאַרטשפּיל. ריזיקאַנט; אײַנשטעלער, ווער עס איז גרייט צו שטעלן אַלץ אין קאָן. „אַן אַ', אויב ער געווינט הײַנט, וועט ער מאָרגן

בלײַבן אָן הויזן‟, רייד.
אַזאָרן — די. גנ. דזוו אַזאָרישע אינדזלען.
גרופּע אינדזלען אין אַטלאַנטישן ים, צפֿון־
מערבֿדיקער פֿון אַפֿריקע. געהערט צו פּאָרטוגאַל,

געוועזן אַנטרינונג־אָרט פֿאַר פֿאַרטריבענע פֿון
פּאָרטוגאַל.
אַזאַרע — די, ־ס. א‟י. < אַראַביש.
פֿאָרוואורף, אויסרייד, פּסק. מאַכן אַן אַ'. „כ'האָב
געהאַט אַזעלכע אַ'ס אין שטוב„, רייד. ווערב:
אַזאַרען — ער האָט אים אַזאַרעט [קאָס].
אַז באַלד — דזוו אַזוי באַלד (ווי). „אַז ב,
דו וועסט אָנקומען אויף אַן אָרט — קלאַפּ אַ
טעלעגראַמע„, רייד. „און אַז ב, ער זיים
טרומבייטער באט [= געהייסן] זיי זא▯. אומעטום
אויסשרײַע...„, אב, ,פּאַריז און וויענאַה'.
אַזבוקע — די, ־עס. אויך: אַזבו'ק, דער.
רוסיצ. 1. רוסישער אַלפֿאַבעט. „אָט הייבט
מען אָן לערנען אײַערע קינדער אַלף־בית צי
רוסישע אַזבוק‟, שלמה באָנדאַרטשוק, אַ בריעף
צו אידישע עלטע▯ו, אַדעס 1913. 2. פֿטמ.
יעדער ניט־יידישער אַלפֿאַבעט. 3. ערשט

לערנביכל. לערנען זיך לייענען פֿון אַן אַ'. 4. דאָס
עלעמענטאַרסטע, דער סאַמע ערשטער אָנהייב
פֿון עפּעס. אַ, פֿון מאַרקסיזם, פֿון אַגראָנאָמיע.
אַזבע'סט — דעו, ־ן. < איי < גר [ניט־
ברענעוודיק]. שטיינפֿלאַקס. גרויער אָדער
גריןגרויער פֿעדעמדיקער מינעראַל, ניט באַרירט
פֿון פֿײַער, פֿירט ניט דורך עלעקטרע, כעמיש
פּאַסיוו. געניצט פֿאַר איזאָלאַציע־צוועקן, ווי
אַ באַדעקונג פֿאַר ווענט פֿאַר דעכער אאַ
ער,
טער וואָס מע וויל באַוואָרענען פֿון פֿײַער.
אַ בינע־פֿאָרהאַנג פֿון אַ'. ־יש — אַדי.
—טאָאיד — דער. מינעראַל וואָס אַזבעסט איז
זײַן באַשטאַנדטייל.
אָז־בקול — ..בעק'אָל (בעקויל)] דער. מצ
נב. ,דעמאָלט מיט אַ קול, [אין שבתדיקער
קדושה, וואָס הייבט זיו אָן מיט 'נקדש': אָז
בקול גדול, אַדיר וחזק — ,,דעמאָלט מיט אַ
שטים פֿון אַ גרויסן, מעכטיקן און שטאַרקן
שטורעם"]. געניצט מיטן ב: ליאַרעם, זידלערײַ.
[בײַ קדושה שטייען די מתפּללים שטיל,
פּלוצלינג דערהערט זיך דער אָ'־ב, בײַ חזרת הש,,ץ,
ווײַל דער שטייגער פֿון חזן איז ,,צו נעמען
די דאָזיקע ווערטער מיט די העכסטע טענער,,,

י, דאַוונען.]

אַ ר ו י ס ג י י ן מיט אָ'־בּ, = זיו בּייזערן, מאַכן גוואַלדן. „און ווען איינער האָט זיך צעקאָכט...אַרויסגעגאַנגען פֿון די כּלים און זיך גענומען צו יענעם מיט אָ'־בּ,...„, יע. *מ ו ר א האָבּן פֿאַרן אָ,־בּ, — פֿאַר יענעמס געשריי, מענה־לשון. נ י ש ט פֿ אַ ר ש ו ו ײַ ג ן דעם אָ'־בּ, = אָפּענטפֿערן אויף יענעמס זידלערײַען. „מיטן אָ'־בּ, קאָן מען פֿאַרמאַכן יענעמס מויל", שוו. „אָ,־בּ, — פּעטש אָן אַ צאָל", שוו [= אויבּ עמעצער זידלט דיך, ענטפֿער מיט פּעטש].

אַזהרה — [אַזהאָרע] די, ־רות. אויך הזהרה. < יבֿמות, ג/ב; סנהדרין, נד/א. 1. וואָר(ע)־נונג אַז מע זאָל נ י ט טאָן קיין עבֿירה, מע זאָל אויסמײַדן אַ פֿאַרבּרעכן (מיטן אָנווײַז אויפֿן געזעץ און אויף דער שטראָף). [לויטן תּלמודישן דין קען אַן אָנגעקלאָגטער אין אַ קרימינעלן פֿאַרבּרעכן ניט בּאַשטראָפֿט ווערן, סײַדן מע האָט אים פֿריִער מזהיר געווען, דה געגעבּן אָנגעוויזן אויף דער האַרבּקייט פֿון

אַזהרות

פֿאַרבּרעך און אויף דער שטראָף פֿאַר דעם

— 'אין עונשין אלא אם כן מזהירין', >
סנהדרין, נו/ב. אומעטום אין דער תּורה וואו מע
געפֿינט ,לא', 'אַל', 'השמר', ,פּן, האָט מען
צו טאָן מיט אַן אַ'. פֿאַראַן פֿאַלן ווען אַ, איז
ניט שייך, למשל: ווען מע כאַפּט אַ גנבֿ בײַ
אַן אײַנבּרעכונג (אונטערגראָבונג) (שמות, כב,
1), בײַ עדים זוממים אאַ.] ,,[גאָטס געזעצן]
זײַן גישטרקט מיט עונשין און, אַ'רות,,, סהמ,
תּהלים, קיא, 8. ,,ער האָט זײַן בּית־דין
געהייסן פֿונאַנדערקלעפּן אַ'רות מע זאָל זיך
היטן פֿאַר חמץ ווי פֿאַר פֿײַער,,, חג, טמז,
.X 19 5 8

2. סתּם וואָר(ע)נונג. אַן אַ, ניט צו שפּײַען
אויפֿן דיל. ,,דאשׂ איז איין אַ, צו דען מענשן,,,
אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית ישׂראל ובּית
הבּחירה, אַמשט 1724, הקדמה. 'עד שיפֿוח
היום ונסו הצללים, — דאשׂ איז איין אַ, דעם
מענשין, ווײַל ער נאָך איז אויף דעם עולם
דער דא איז גלײַך אַז איין הרף־עין,,, נצ1,
כּח/ד. ,,די גרויסע...אַ, לבל יעבֿור איש לפֿני
התּבֿה בּלי רשות הגבּאי“, א. מאָרגענשטערן,
עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898. ,,אין אונדזערע
ספֿרים געפֿינען מיר אויך אַ'רות אַז מע זאָל

ווייניק רעדן,,, חה, ב, 293. ,,בּדורות הללו
אַכטעט מען זייער ווייניק די אַ'רות הרופאים“,
דבָרי חכמים, [לבָוב] יאָר? ,,דערפון קומט
אַרויס אַן א אַז בּײַם פּעלד קויפֿן מוז מען

,

זײַן געוואָרנט און בּאַהיט, מע זאָל זיך נישט
אָפּנאַרן,,, פּרץ, ליטעראַטור און לעבּן.
3. אָנזאָג, בּאַפעל; פאַרלאַנג. פאַרזאָג. אַן
אַ, צו האַנדלען ערלעך, צו געבּן צדקה אאַזוו.
,,ער זאָל למע,,ה פאַרזאָגן מיט אַ גרויסע אַ,
און בּגזירת כּבָוד אָבָ צו זײַנע קינדער, דאָס
זיי זאָלן אויסצאָלן זײַנע חובָות פון דער
ירושה,,, נעתּק ונאסף ע,,י ר, י ראל ממינסק,
אור עולס, ווילנע 1865, ז, 116. ,,האָט
אויסגערופן אַ גרויסע אַ': איר זאָלט...[ני] רײדן
מיט די ייִדן פון גוטס בּיז שלעכטס,,, מעtה
ירושלים, וואַרשע 1882. ,,געפינט זיו אין...
צוואות די אַ, אַז ניט די קינדער און ניט די
פרוי פון פאַרשטאָרבּענעם זאָלן .ט גיין נאָך
דער מיטה,,, א. לוריא, 'די צוואָה פון אַ פּינסקער
בּעל־הבּית...', ייִבל 5 ,XIII־6.
4. צעטל, שריפט, וואו אַן אַ, איז געשריבּן
אָדער געדרוקט. אויפהענגען אַן אַ, אויף דער

וואַנט פֿון בית־מדרש. אַראָפּרײַסן די אַ'.
אַזהרה אַהר אַזהרה — [...אַכאַר..□]
□ □ □ה גד□ — [...גדוילע] גרויסע,
שטרענוו   נונג נ   וואָר(ע)נונג, דת פֿילמאָליקע אַ,.
ז
גע אַ,. אַזהרה נוראָה — [...נויראָאָ] זייער
האַרבע, שרעקלעכע אַ'.
אַזהרה לבית־דין — [...לעבע'זדן] פֿראַזע.
תּח. < כתובות, מו/א. אַ וואָר(ע)נונג דעם
בית־דין, דעם געריכט. די צווייטע העלפֿט פֿון
זאַץ: 'שלא יהא רק לזה וקשה לזה, = ניט צו
זײַן מילד צו איינעם און שטרענג צו אַ
צווייטן. ווערט געניצט ווי אַן אַזהרה ניט נושׂא
פּנים צו זײַן.
אַזהרות — די. ← אַזהרה. נאָמען פֿון פּיוטים
אויף די תּרי,,ג מצוות, אַרײַנגענומען אין מוסף

אזובֿ

פֿון ביידע טעג שבֿועות: 'אַזהרת ראשית לעמך
נתתּ', 'אַתּה הנחלת תּורה לעמך,. די חרוזים
אין אַ, גייען לויטן סדר פֿון א''ב און תּשר''ק
[פֿאַראַן אויך אַ, וואָס מע זאָגט שבת־הגדול,
שבת־(תּ)שובֿה, שבת פֿאַר סוכּות, ראָש־השנה

און ראָש־חודש].

-

אזובֿ — [אייזעוו] דער, ־ים, ־ן? .1 קליינער
קוסט פֿון דרום־אייראָפּע און
נאָענטן מזרח פֿון פֿאַמיליע
□1sso□נ□], □]so□־. וואַקסט ווילד
אויף שטייניקן באָדן
אויסגעשטעלט צו דער זון. פֿון די
טונקל־בלויע אַראָמאַטישע
ליפּנבלומען (לאַביאַטן) פֿון א,
באַקומט מען אַרויס אַן אייל וואָס
ווערט געניצט אין דער
פֿאַבריקאַציע פֿון פּאַרפֿום און זייף.
ווערט צו דעם צוועק אויך
קולטיווירט.
.2 אָפּט דערמאָנט אין תּנך (איינער פֿון די
מינים פֿון פֿאַמיליע (Mar□orana s□rica).
געניצט פֿאַר ריטועלע צוועקן און ווי אַ
דעזינפֿעקציע־ און רייניקונג־מיטל. ,,און איר זאָלט
נעמען אַ בינטל א'־ג ר אָ ז און אײַנטונקען
אין דעם בלוט וואָס אין בעקן און איר זאָלט

צורירן צו דעם אייבערשטידל און צו דיביידע
בײַשטידלעך“, תּי, שמות, יב, 22. „און ער
[דער כּהן] זאָל נעמען אויף צו רייניקן דאָס
הויז...צעדערהאָלץ און ווערמילרויט און א'־
גראָז„, תּי, ויקרא, יד, 49. „און אַ ריינער מאַן
זאָל נעמען א'־גראָז און אײַנטונקען אין דעם
וואַסער און שפּריצן אויפֿן געצעלט“, תּי,
במדבּר, יט, 18.

אין תּנך אויך דערמאָנט ווי אַ סימבּאָל פֿון
דעם וואָס איז קליין. א'־מ אָ ד. „און ער
[שלמה המלך] האָט גערעדט איבּערביימער, פֿון
דעם צעדער וואָס אין לבֿנון און בּיז דעם א,
וואָס וואַקסט אַרויס פֿון וואַנט„, תּי, מלכים א,
ה, 13. אַזוי אויך שפּעטער: „אויבֿ די צעדער
פֿון לבֿנון האָט געטראָפֿן אַ פֿלאַם־פֿײַער, איז
וואָס זאָלן שוין טאָן די א'ים פֿון דער וואַנט„,
איבּז, מועד קטן, כּח/ב פֿון דעם
טענעב. „...
בּוים...אין וואַלד לבֿנון בּיז דעם גראָז א,
וואָס וואַקסט אויפֿן וואַנט, כלומר פֿון דאָס
וויכטיקסטע היינו אַ מענטש בּבֿחינת אדם בּיז
דאָס קלענסטע, היינו אַ בּהמה — העלפֿט אַלץ
השי„ת“, נוצ.

3. שפּײַז און היילמיטל. אין אַנטיקע צײַטן

האָט מען די בלעטער פֿון א, גענוצט ווי אַ
געווירץ צו פֿאַרשיידענע מאכלים און געקעכטסן.
געטריקנטערהייט ווי אַ קרײַטעכץ זײַנען די
א'־בלעטער געווען ברייט באַקאַנט אין דער
פֿאָלקס־מעדיצין ווי אַ היילמיטל קעגן הוסטן,
בויכווייטיק אאַ [גלייבעכץ: „צו פֿאַרהיטן
עיןהרע און אַנדערע אומריינע זאַכן, זאָל ער נד
מען אין די אַפּאָטעק איין קרײַטער וואָס
עס ווערט אָנגערופֿן א'־ק ר ו י ט און עס
אײַנבינדן אין אַ שטיקל לײַוונט און דעם קינד אויף
דעם האַלדז אָנהענגען,„ ר, הילל ליכטנשטיין, עת
לע□ות, סאַטמאַר תּרפּ„ה]. 4. קינסטלערישע
באַפּוצונג מיט טראַדיציאָנעלן ווערט. „די טירן

839

פֿון אָרון־קודש אין אונדזער נײַער שול אין
סעגעד האָב איך געלאָזט מאַכן פֿון אַ
מעשענעם א'־רעליעף מיט בליִעכץ־קעפּלעך פֿון מעש„,
ע. ל□ף, ייִבל 7 ,XIII־8.icinalis□ □o us□]sso□].
אַזוי, — אַדוו □ 1 .ie s. □ ein s: □ d□ M. ווײַזט

□ .

אויפֿן אופֿן פֿון טאָן עפּעס (צוזאַמען מיט

באַוועגונגען). מאַך עס אַ'. אַ, נייט (פּוצט, זעגט אאַזון אאַזוו) מען. ← אָט אַזוי. (אָט) אַ, קאָכט מען לאָקשן = שפּאַסיק, איר. דאָס איז דער ריכטיקער, פּינקטלעכער אופֿן עפּעס צו טאָן. „מילא, אַ, זשע, קינדער, הערט מיך צו“, מס, משלי, תּקע“ד, ז, 24. 2. ווײַזט אויף אַן אייגנשאַפֿט פֿון עפּעס (צוזאַמען מיט אַ בּאַוועגונג פֿון די הענט). אַ, גרויס, אַ, די גרייס. אַ, בּרייט, אַ, די בּרייט.

3. בּאַטײַט אַז דער אופֿן טאָן עפּעס איז ווי פֿריִער, אָדער ווי מע האָט שוין דערמאָנט (און דער הערער פֿאַרשטייט). אַ, אָדער אַנדערש. אַ, טו (ניט). מאַך עס אַ, אָדער אַ,. „און אַ, האָבן זיך די קינדער אונטערגעוואַקסן“, צ. ז. רןבּינשטיין, דער שרעקליכער קנס־מאָל, אַדעס 1883. „האָב איך ליב צו טאָן אַמאָל עמעצן אויף צו־להכעיס: דו זאָגסט אַ,, זאָג איך אַ, [— פֿאַרקערט, אַנדערש],,, שע. „מיר

-

מוזן אַ, טאָן, ווײַל מיר קענען די וועלט ניט איבערמאַכן,,, יהל, די אומבּאַקאַנטע פֿאַרליבּטע, וואַרשע 1901. „כ'האָב צו דיר ערשט נעכטן אַ, גערעדט און וועל הײַנט עס רעדן איבעראַנײַס,,, אפֿא, לויטער...קוואַל.

4. באַטײַט אַז דער מצבֿ, די סיטואַציע, דער תּנאַי, איז ווי פֿריִער, אָדער ווי מע האָט שוין דערמאָנט (און דער הערער ווייס אין וואָס עס גייט). אַ, איז עס און אַ, וועט עס בלײַבן. זאָל זײַן אַ'. ,,אַ, הײַנט, אַ, נעכטן — עס איז שווער דעם גערעכטן,,, שוו. *אויבֿ אַ,, איז מיטוואָך דער ברית = שפּאַסיק, איר. פֿירן מיר דורך עפּעס (ווי שוין אָפּגעמאַכט). ,,האבן מיר אַלשׂ גיפֿאָרשט און, אַזו איז עשׂ,,, סהמ, איובֿ, ה, 27. ,,אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט איז...אויך שווער איבערצולאָזן די זאַך אַ,,,, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. ,,אויבֿ אַ', איז מיר שוין איבערגעגאַנגען...דער כּעס", בערג, בײַם דניעפּער I. ,,האבֿ

איך ביא פֿולן [= באַפֿוילן]...מען זאָל ראכלעבֿ צו ענק שיקן, אבר איז בעשׂר איין זוא,,, פּדאָגבֿ, 15.

אַזוי צי אַזוי = מיט בבֿ 1־4. עס מעג

זײַן אויף איין אופֿן, עס מעג זײַן אויף אַ צווייטן; אין ביידע (אָדער מער) פֿאַלן, בײַ ביידע (אָדער מע) תּנאָים.

5. באַטײַט אַז די מ ד ר ג ה פֿון עפּעס

אַ זאַך, אייגנשאַפֿט אָדער טואונג איז ג ל ײַ ך
צו דעם וואָס איז פֿריִער געזאָגט אָדער ווערט
אויפֿגעקלערט (אָדער ווערט ממילא
פֿאַרשטאַנען פֿון הערער). „ווי די מזומנים — אַ, די
מחותּנים,„ „אַ, ווי די זריעה — אַ, איז די
תּבֿואה,„ „ווי מע בעט זיך אויס אַ, שלאָפֿט מען,„
„אַ, ווי די צײַטן — אַ, זײַנען די לײַטן,„ שוו.
„אַ, ווי געשטויגן, אַ, געפֿלויגן“ פֿוול [= די
,
גאַנצע מעשׂה איז אַ ליגן, איז אויסגעטראַכט].
„ביסט גאָרניט אַ, שלעכט ווי דאָס מויל דײַן
רעדט“, ממוס, ,שם און יפֿת.. „האָט זי אים...

אַזוי

געפֿרעגט: ווער איר שטענדיק אַ, טראַכטן?„
ספּ, מודות. „ס'האָט זיך גראָד באַדאַרפֿט אַ,
מאַכן, יענער זאָל קראַנק זײַן און אים זאָל
באַשערט זײַן,„ ממוס, שלמה.
6 פֿאַרבײַט ז י י ע ר פֿ י ל, אין אַ
גרוי. ,
סער מאָס. אַ, גיך, אַ, גוט אאַזוו. „אַז ס'איז
אַ, גוט — (טאָ) פֿאַרוואָס איז אַ, שלעכט?“,
פֿוול. „די וועלט וועט נאָך אַ, גיו ניט

אונטערגיין“, פֿוול. לײַדן אַ, פֿיל פּײַן. „טראָגט וואַסער פֿון אַ, ווײַט און האָט אַ ברוגעם אונטער דער נאָז„, פֿוול. „האָט מוזין זוא שענטליך [= שענדלעך]...אום קומין„, גה, 288. „זי איז געווען ...אַ, יונג, אַ, שיין„, נאַד, טעג פֿון מײַנע טעג.

„באַווײַזט זיך אַ ליכט אַ, אומערדיש־העל, אַ ליכט אַ, אומערדיש־גליקלעך„, אַל, 'הינערפּלעט'.

„האָב איך אין [= אי□] גיפֿרעג, ווארו, ער זיך אַזו ווייא טוט„, „שו„ת מהרש„ל', לובלין 1599 [הש I]. „אַז איר טאַטע איז געלעגן אויפֿן טויטנבעט, האָט זי זיך אַוודאי ניט אַ, אוועקגעבראַכט„, קמ, 21 1869, No פֿאַרוואָס

—

„ .

זאָלט איר זיך אויף מיר אַ, אויסברענגען?„,

ממוס, ווינטשפֿ פֿפֿ מיט אַ, פֿ י ל ו ו י:

.

וואַסער, זאַמד, זאַמד און ערד, זאַמד בײַם ים, באָב, מאָן, מילך, מיסט (אויף די גאַסן), רעגנוואַסער, שטערן (אין הימל), שוועמלעך (נאָך אַ רעגן).

7. קומט צו פֿאַרשטאַרקן אַן אייגנשאַפֿטוואָרט, צו פֿאַרפֿינקטלעכן אַ פֿאַרגלײַך אָדער אַרויסצוהייבן אַן אַרויסזאָג, אַן ענטפֿער. אַ, יונג און אַ, שיין ווי זי. אַ, ווײַט ווי מעגלעך.

יאָ אַ'. ניין, ניט אַ'. טאַקע אַ'. „איז אָפּגעלעגן אין אַ העליש פֿײַער אַ, גרויס, אַ, קליין ווי זעקס וואָכן", שע.

8. (אין פֿאַרבינדונג מיט אַ ז) דינט געניי אָנצוווײַזן דעם אופֿן טאָן אָדער די מדרגה פֿון אַן אייגנשאַפֿט. אַ, לויפֿן אַז קיינער זאָל ניט קענען כאַפּן. אַ, שיין אַז עס פֿאַרכאַפּט דאָס אויג. „זיי זײַנען בײַ זיו געוואָרן אַ, שטאַרק, אַז איבערשיפֿן זיך דעם ים...איז אַ שפּיל,,,

ממו , מסעות. „האָט זײַנע קליידער אַ, אויסגעפֿלעקט, אַז מע האָט זיי געמוזט אַרויסוואַרפֿן,,, ייִפּאָל, 39 l1885' No. "ער האָט אַ, פֿאַרקרימט זײַן פּנים, אַז ס'איז...געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן,,, נאָמ. „איו מיט מײַנע יונגפֿרויען וועלן אויך אַ, טאָן אַז ווי איר,,, ר, אַהרן מטריבֿש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר,,ג.

9. קומט ווי אַ פֿאַרסך־הכלענדיק וואָרט פֿאַר אָדער נאָך אַן אויסרעכענונג אָדער דערקלערונג. "עז מייגט אַזו: ער שיידט צווישן דען אובֿרשטי ווש̇ר אונ, אוגטערשטי ווש̇ר,,, טח, בּראשית, א, 6. „צום ערשטן זיך איין מאָל אונטער צו טוקין אונ, דער נאָך די בּרכה צו זאָגן, אונ, דער נאָך ווידר איין מאָל אונטער

צו טוקין — אַזוי איז זיך צום בעשׂטן נוהג צו זײַן“, עח, כט/ב. „אַ זיידנס שטוב איז אויסגעשטעלט געוויינטלעך אַ.: לאַנגע הילצערנע בענק בײַ די ווענט, אויבנאָן אַ לאַנגער, פּירפּיסיקער...טיש...„ ממו, שלמה. „האָט מען אַ ברירה גיין גאָר אַ': ד„ה, מחילה, אין תחתונים און פון אויבן אַ ציצענעם אַרבעכנפות„, שע.

אַ וי

1O. באַטײַט דזוו: סתּם; אָו אַ סיבה, אָן אַ פּאַרוואָס, אָן באַזונדערע סימנים. סתּם אַ., גלאַט אַ'. אַ, ז י ך (←). אַ, אַ מענטש. אַ, אַ ווילדע חיה. „מע דאַרף ניט קיין דאָקטער, ס'וועט אַ, איבערגיין„, רייד. „שטיי איו מיר אַ אַ ווײַלע אין פּאָדער־חדר זייער שטיל“,

ממוס, שלמה. „און ער האָט געקענט אַוועקזיצן אַ, אין אַ ווינקעלע“, שע, יאָסעלע סאָלאָווײ. „וואָס קענסטו דערלייגן אַז איך וועל אַליין אַ, איבערשפּאַצירו הין און צוריק“, ווײַס, 'דבורהלה'. 11. דזוו אַזאַ (ספּעצ ← ב2). „אַ, גרויס גאָלד זאָל איך האָבן ווי גרויס

ליטוואַקעס איך האָב דאָרטן געזען“, פּר□ו, רײַזע־בילדער.

12. זעלבשטענדיק, מיט ספּעציעלע אינטאָנאַציעס פֿון אויסרוף אָדער פֿראַגע (איבערפֿרע□), אויסצודריקן געפֿילן פֿון זײַן פֿאַרח□־ דושט, פֿון פֿאַרוואונדערונג, התפּעלות, פּראָסעסט [דער לעצטער טראַף ווערט צעצויגן און 'געזונגען, אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים]. — „דער רבי האָט עס אַליין געטאָן! — אַזוי? — אַזוי!“ „אַזוי? טאַקע אמת?„ „אַזוי! אַזאַ נבֿלה!„ “אַזוי? האָסט עס טאַקע געהערט?“ „אַזוי גאָר?“ „גאָר אַזוי?“ „ווי אַזוי?„. „אַזוי! — זאָגט ער שטאַרק אויפֿגעבראַכט„, ממוס, קליאַטשע. „אַ, גאָר? האָט, הייסט עס, דער בלוט־בלבול זיך דאָך אויסגעפּיקט“, בעדג, בײַס [ניעפּער II.

[ווײַל בײַ אַן אַדוו איז טעאָרעטיש מיגלעך אַ קאָמפּאַראַטיוו — נעאָל אַזויער — „גיין דאַרף מען גיין אַ, און אַזויער“, אפֿא, יעקבֿס געצעלטן].

אַזוי — קאָנ. ← דפֿוו. 1. דערום. אויף אַזאַ אופֿן, בכן. „אַזו וויל ער זיך זעלבער איבער ליבֿרן אין דיא הענד פֿון די יהודים„, שאַר, קח/ב. „דער יצרהרע אַן רייצט...אַזו איז דער שׂכר גרעסער, ווער דען יצר־הרע ניט פֿאָלגט„,

ר, יו□ף דאַרמשטאַדט איבֿז, תּורת משה, קאַרלסרוא 1770. ,,אַזו איז דער מאַן גגנגן צו אירס פֿאטר, האָט דר פֿאטר אים פֿאַר צילט אַלי אירי אום שטענטן,,, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית י□ראל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724. ,,מיר זאָלן אַלע אומקומען אויף קידוש־השם, אַ, ווען מיר אַלע האָבן עולם־הבּא“, מע□tה אומן. ,,וויבֿאַלד זיי דערזעען פֿאַר זיך אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ, ווערן זיי מלא רציחה,,, שע, פֿונעם יאַריד. ,,ס'איז אים בּיטער אויפֿן האַרצן, אַ, אַ ז וואָס מיר זאָלן ניט זאָגן, וועט ניט העלפֿן,,, דייד.

2. קומט מיט אַ צײַט־בּאַטײַט. דעמאָלט, גלײַך, תּיכּף. ,,דז קול איז אין שטאַט אוש גגנגן, אַזו זענן די נוצרים אוף גשטאַנן...אונ הרגנן אויש פֿיל יהודים“, שי, כ/א. ,,ווי דער רבֿ האָט געטאָן דעם בּריוו לייענען, אַ, האָט ער געמיינט...,,, מע□ה אומן. ,,וואו נאָר פֿאָניע שטעלט אַרײַן אַ פֿוס — אַ, מוז זײַן אַ פּאָגראָם,,, שע, 'אויפֿן שיף.. “טאָמער חלילה איז עמעצער קראַנק געוואָרן, אַ, איז שוין די מאַמע ניט אָפּגעטראָטן פֿון בּעטל,,, שע, פֿונעם יאַריד. ,,ווי דער רבֿ האָט געקוקט מיט זײַנע אָפֿענע

אויגן, אַ, האָבן די...שטערן גענומען רײַסן זיך
פֿון זייערע ערטער,,, הל, ,דער וואָלף'.

840

אַזוי אַ — פּראָ אַרכ פֿאָרעם: אַזוי איין.
דזוו אַ ז אַ (מיט אַרכ בײַטעם). ,,מיר האבן
דשׂ גאַנצי (ספֿ) גלאזט איבר שרייַבן אין
אַזו איין (לשון), דז עז איטליכשׂ קינד פֿר
שטין קען“, יוסיפֿון, אַמשט 1743. ,,נשמר,
אַזוי אַ זאַך וואָס די בהמה ווערט דערמיט געהיט
הייסט קיין משׂא ניט,,, תּיקוני שבּת, אוסטרהא
1818. ,,האָט דער רבי שטאַרק געווײנט אַזוי
אַ געוויין וואָס ער האָט...קיינמאָל אַזוי ניט
געווײנט,,, שבֿחי בעשט. ,,...עס זאָל אַזוי אַן
אומרעכטע זאַך אויף דער וועלט געשען,,, חײַקל
הורוויץ, צפֿנת פענח, 1817. ,,חלילה, איך זאָל
אַזוי איין שלעכטע זאַך טון“, א. פּאַוויר,
גדולת יוף, 1847. ,,די קינדער וואָס ווערן
געבאָרן פֿון אַזוי איין באַהעפֿטונג,,, קה. ,,
קומען צו אַזוי אַ גראַד,,, אמד, סיפּורי מוסר,
1875. ,,נחלאָות אין אַזוי אַ גרויסער שטאָט
ווי פּראָג,,; ,,אַזוי אַן אומחן געוואָרפֿן,,; ,,אַזוי

אַ זאַך קען זיך אַמאָל אַוועקשלעפּן אַ צײַט“, עט, סערקעלע. „דערזען די אשה אין אַזוי אַ טראַכט“, באַש, tטן פֿון גאָרײַ.

אַזוי און אַזוי — ← אַזוי, אַדוו. 1. מיט אַ פּאַוזע בײַ 'און, — אויף איין אופֿן און אויף אַ צווייטן אופֿן. „מע קען עס טאָן אַזוי — און אַזוי“, רייד. 2. נאָר אויף דעם אופֿן, ניט אויף קיין אַנדערן. „איז האבּי אים מײַן ריזלוטציא [= רעזאָלוציע, באַשלוס] גיזאגט זוא אונ, אַלזו, מוז עשׂ זײַן אונ, אַנדרשט ניט,„ גה, 254. 3. ווערט געניצט אויסצומײַדן דאָס איבּערגיין אַזוינס וואָס דער הערער (לייענער) ווייסט שוין. „[זאָגן ראובֿנען] זײַנע בּרידער אַ, א, אַ, האָבּן מיר מיט אים [מיט יוספֿן] געטאָן,„ ר, יעקבֿ בּר, מתּתיהו איבּז, תּם וישר, פֿיורדא 1768. „האָט דער שלימזלניק, דער יצר־טובֿ זײַנער, זיך אויסגעשלאָפֿן אים גוט אויסצושייגעצן: אַ, א, אַ', קונדס איינער!„, ממנס, שלמה.

4. ווערט געניצט ניט צו דערמאָנען אַ פּרט, אַ נאָמען, אַ דאַטע (וואָס איז ניט וויכטיק אָדער וואָס מע ווייסט ממילא). „האָט...אים גיפֿראגט וויא אַלט בּישׂטו, האָט ער אים גיענטפֿרט: אַזו אונ, אַזו פֿיל יאָר בּין איז אַלט,„

אַלכּסנדר טענדך עטהויזן, בּית יִשׂראל ובֵּית הבּחירה, אַמשט 1724. „ער זאָל וויסן אַז אין דער קרעטשמע שלאָפֿט אַן אָרעמאַן, ער האָט אַ, א אַ אַ פּנים“, ספּורים נוראיס, [לעמבּערג].

„..-—- פֿרעגט מען אים: ווי הייסט איר? ענטפֿערט ער — אַ, א, אַ"“, רייד.
אָזוי אַרום — אַדוו. פּפֿ פֿטמ: אַזוי אַרו...

מע(ר)ט. אויף אַזאַ אופֿן (וואָס איז שוין דערמאָנט). לאָמיר בּלײַבּן געטרײַ אונדזער לשון און אַ, אַ, אויפֿהאַלטן די בּולטע אייגנאַרטיקייט פֿון פֿאָלק,,, רייד. „אַ אַ, פֿלעגן די מגידים

אַרויסרופֿן בּײַם קהל צוהערער...האָפֿענונג צו השי„ת“, לדבּ, נ„י תּשי„ז. „ אַ אַ, איז ער

דאָ צוריק, — האָט [ע] אויסגעלאָזט“, בּרוך מילער, זאַמלונגען, No 12.
אַזוי בּאַלד — מיט אַ ז, אַרכ אָדער ו ו י.
בּאַטײַט: ווי נאָר, גלײַך נאָכדעם ווי. „אַזו בּאַלד אַז דאשׂ קינד אלף־בּית קאַן מיט אַלי נקודות... זאָל מן מיט אים שלמויזן אין דר תּפֿילה,,,

אַזוי זיך

לט1, קנב/א. „אַ, בּ, אַז הקבּ„ה האָט געזאָגט...„„
צור, בּראשית. „אַ, בּ, ווי ער האָט בּאַפֿוילן,
איז עס געוואָרן„„ רייד. „אַ, בּ, זיי האָן נאָר
דערפֿילט אַ שטאַרקן ווינט...„„ ראָבּינזאָהן II,
ווילנע 1880.
אַזוי גוט ווי — איז (כּמעט) דאָס זעלבּיקע.
„זײַן צוזאָג איז אַ, ג, ווי מזומנים“, רייד.
„אַ וואָרט איז אַ, ג, ווי אַ חתימת־יד“, שוו.
ניט: וי שנע־זוו ווי נאָר. אַמ. נר. אויך
ןוי.
אָזוי גי ווי —

אַזוי־גערוסן — אַדי. אויך: כּלומרשט; וואָס
דאָכט זיו נאָר אַזוי, האָט נאָר אַזאַ שם, אָבּער

באמת איז עס ניט אַזוי. דער אַ־ג'ענער פּירער.

„דער אַלטער רבי...האָט באַוויזן דער אַ־ג'ענער לומדישער וועלט וואָס הייסט קענען לערנען“, לדבֿ, נ״י תּשי״ז.

אַזוי ווי — 1. ← אַזוי, אַדוו. קומט בײַם פֿאַרגלײַכן. גלײַך ווי, גלײַך צו, אויפֿן זעלביקן אופֿן ווי. לאָמיר לעבן (זיך פֿירן) אַ, ווי אַלע. „אַ, ווי מע בעט זיך אויס אַזוי שלאָפֿט מען“ (פֿרגל: אַזוי אַדוו, ב5). „אַ, ווי אַ טאָרבע פֿלעקער איז קײַלעכדיק, אַזוי איז די לבֿנה שפּיציק„, פֿוול. אַ, ווי ער ווייס(ט) ניט אַ, זאָל עס אים ניט שאַטן. „ייִדן זענען שטאַרק אין גאָטס ליבשאַפֿט אַ, ווי אַ מויער“, מחזור כּל בו לשלש רגלים, פּירוש עבֿרי־טײַטש בית ישׂראל. „אַן אָרט וואו עס האָבן געברענט אַן אוצר מיט ליכט, אַ, ווי יום־כּיפּור אין שול„, עט, סערקעלע. „ווייס ניט וואָס צו ענטפֿערן אַ, ווי אַן אונטערגעוואָרפֿענער וואָס געדענקט ניט פֿונוואַנען ער איז“, ממוס, קליאַטשע פֿאַר

„.

אונדז...איז אַ שטיקל אַגדתּא געווען...אַ, ווי אַ שטיקל ברעג וואו מע קען אָפּרוען זיך„, שנ, די ייִד, ליט, און די לעזערין. „זיו געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן, אַ, ווי

איך וואָלט עפּעס בײַ אים געגנבֿעט“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. 2. אָפּט בײַם שווערן זיך: אַ, ווי איך (אי□) לעבּ(ט), אַ, ווי הײַנט איז מאָנטיק אויף גאָטס וועלט. „איך שווער, אַ, ווי דער מלך לעבּט, אַז איר זענט אויסשפּיִערס□, ספֿר הישר, מקץ, וואַרשע 1859.

3. ← אַזוי, קאָנ. ווײַל, היות (ווי). „אַ, ווי ער וויל ניט, בלײַבּט ער אויס„ רייד. „אַ, ווי זיי האָבּן ממאס געווען חכמה,...זאָלן זיי פֿאַרזוכן די פּירות פֿון זייערע מעשׂים“, מס, משלי, תּקע“ד, א, 29־4 .31. פּונקט אין דער צײַט, בּעת. „אַ, ווי זי קומט נאָר אַרײַן, דערזעט זי אים“, רייד. „אַ, ווי זי לויפֿט, בּאַגעגנט זי זיך מיט שׂרה־רחלען, די בּאָבּע“, שע. „אַ, ווי מיר ריידן, קומט ער אָן„ רייד.

אַזוי־ווי אַלע'דיקייט — די (דאָס). מצ נבּ.
-
נעאָל. < אַזוי ווי אַלע. שטאַנדפּונקט אַז מע (ייִדן) דאַרף (דאַרפֿן) זײַן ווי אַלע. ככל־הגוייִמדיקייט. „בײַם מאָדערנעם ייִד, ווען זײַן אידעאַל איז געוואָרן נאָרמאַלקייט, גײַסטיקע גלײַכשאַלטונג, אַ'...“, צײַט, טמז, 24 1958 I.

אַזוי זיך — אַדוו. 1. סתּם אַזוי, אָן אַ קאָנטיקער סיבּה, אָן אַ בּפֿירושן צוועק. אַ, ז,

לעבן. אַ, ז, אַרומשפּילן. אײַקעניש פֿון
ווייטיק אָדער אַ, ז, פֿון רגילות,,, ח. בּ.
גילדענבלאַטט, אבֿרהמעלע בעל־עגלה, ווילנע 1913.

אַזוי לאַננ

,,פֿאָרט מען דערוויַל נישט אין שטעטל אַרײַן,
נאָר ג ל אַ ט אַ, ז', און די...אָגערס טראָגן
זיך,,, בּרוך האַגער, מלכות חסידות. 2.
מיטלמעסיק, נישקהשהדיק, ניט צו (גוט, גרויס
אאַ). ,,—. ווי לעבּט זיך אײַך? — אַ, ז',,,
רייד. ,,אַלערליי סאָרטן ייִדן: שיינע ייִדן...,
גלאַט ייִדן, אַ'־ז'־ייִדן און אויך־מיר־ייִדן,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,אַבֿרהם מיט אַ לאַנגער באָרד, יצחק
— מיט אַ, ז אַ בערדל,,, בערג, בײַם
דניע,

פּער ·.
אַזוי לאַנג — 1. קאָנ. כּל־זמן. ,,רבונו־של־עולם!
גיבּ מיר ברויט אַ, ל, איך האָבּ ציין,, פֿוול.
,
,,אַ, ל, דער מענטש לעבּט, באַדאַרף ער מאַכן
אַ 'שהכּל'‘‘ [= נעמען אַ גלעזל בראַנפֿה;
,,מע מוז די לבֿנה מחדש זײַן אַ, ל, זי

שטייט,,; ,,אַ, ל, מע לעבּט, טאָר מען ניט
רעדן; אַז מע שטאַרבּט, קען מען ניט רעדן,,;
,,אַ, ל, דער אַלטער מלך לעבּט, האָט דער
נײַער ניט צו שאַפֿן,,, שוו.

2. אַדוו. (מיט אַקצענטן אויף בּיידע
ווערטער). אַזאַ לאַנגע צײַט. ,,דער ליגנער רעדט
אַזוי, לאַ'נג אײַן, בּיז ער גלייבּט זיך אַליין,,,
שוו. ,,דער מענטש זאָל נאָר אַזוי, לאַ'נג לעבּן,
אַ, ל, [בּ1] ער קען זיך אַליין דערנערן,,,
שוו. קללות: ,,אַ, ל, קרענקסטו“, ,,אַ, ל, זאָל
ער אין קרעמפּן (קדחת) ליגן,,. ,,זיי האָבּן
זיך אין שטאָט אַ, ל, געזוימט, בּ י ז זיי
האָבּן אַלץ אויסגערוימט“, מע □tה אומן. ,,...אַ,
ל, בּ י ז זי האָט אויפֿגעהערט צו קינדלען,,,
שע, 'מילכיקס'. אַ, ל', אַזוי בּרייט. ,,...אַ,
ל,, אַ, בּ,, ער האָט איר פֿאַרשריבּן אַ רפֿואה,,,
שע. ,,אַ, ל,, אַ, בּ', בּיז ער האָט זיך מיט
איר איזניוכעט,,, ייִל, פּוילישער ייִנגל, ווין
1921. ,,האָט זיך געשפּילט אַ, ל', אַ, בּ', בּיז
דאָס קינד האָט פֿונעם...זייגער געמאַכט אַ
שטייגער,,, קמ, 12 1867, No.
אַזוי מער — אַדוו. בּעסער. ,,ווארום זאָל איך
לאה נעמען מיט בּייזע אויגן, אַ, מ, נעם
איך רחל, די איז היפּש, אָן איין מום,,, צור,

ויצא.

אַזוינאָך — אַדוו. פּד. אויך: אַזוי'אַנאָך, אַזוי'ע(ר)נאָך. אַזוי אַרום. אויף אַזאַ אופֿן. ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם פֿריִערדיקן. „ער איז געוועזן זיכער אַז נאָר אַ, וועט ער ביליק אָנקריגן די פּריוואַטע הײַזלעך„, אָפּאַ, טענצערין. „ווי דער רבֿ האָט דאָס געהערט, איז ער אומגעפֿאַלן — און אַזויאַנאָך איז די חתונה...„, פֿמ וועגן גנבֿים [בײַ אונז יודן, וואַרשע 1923]. "זי האָט אָבער נישט געוואוסט אַז אַזויערנאָך קומט זי אָפּ מיטן ביסל נחת אויף דער וועלט„, פּרץ, 'דעם רבינס ציבעק,. „אַ, נעמט יעקל סטאָליאַר אָפּ אַ גרוס פֿון ,זײַן, וואַרשע", ווײַס, אַ שטעטל. „איך האָב אויסגעשריגן אַ, צי אַ, — איז עס אַלץ אַ געשריי" פּ. בימקאָ.

אַזוינס — פּראָ פֿון נייטראַלן מין, ← אַזוינער.

אָפּֿט סובֿ. 1. געניצט אויסצומײַדן וואָס מע האָט שוין דערמאָנט און ציט זיך צו דעם פֿריִערדיקן. ענלעך צו: אַזעלכע רייד, אַזעלכע ווערטער, אַזעלכע זאַכן; אַזאַ זאַך, אַזאַ מעשׂה, אַזאַ ענין אע. „וואויל צו די אויערן וואָס הערן אַ'; וואויל צו די אויגן וואָס זעען אַ'„

פֿוול. ,,ווי פֿאַלט אײַך אײַן אַ, צו זאָגן?,, ,,האָט
מען אַמאָל געהערט אַ'?‘‘ ,,ער האָט פֿריִער
געוואוסט אַז אַ, איז ריין־אוממעגלעך,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,וואָס הייסט אַ גוט ציכטיק קינד?
...אַפֿילו נישט אַ, וואָס פֿילט אין זיך אַן
איבעריק ביסל כּוח,,, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען.
2. עפּעס וואָס איז אומבאַשטימט אָדער שווער
אויסצודריקן אין ווערטער פֿילן עפּעס אַ,
.
וואָס דערהייבט (דריקט). ,,וואָס איז מיט אים
אַ, געוואָרן?,, ,,וואָס האָב איך דיר אַ, געטאָן
אַז דו ביסט ברוגז?,,, רייד. ‘‘וואָס טוט זיך
מיט מיר אַ'?‘‘, רייד. ,,פֿאַרקוקנדיק זיך אויף
דעם אויסגעשטערנטן...הימל, נעמט מען זיך
געשמאַק שמועסן, וואָס טוט זיו אַ, דאָרט
אויבן,,, ממוס, ווינטשפֿ. ,,ער האָט געזוכט אין
איר אַ, וואָס זאָל אים נישט געפֿעלן‘‘, ספּ,
סודו נ.
3. עפּעס וואָס קען (דאַרף) דערקלערט,
דעפֿינירט ווערן. ,,ליבע איז אַ, וואָס מע דאַרף

דורכלעבן, ניט חקירהן זיך וועגן דעם“,

רייד,„יִדישקייט איז אַ, וואָס קאָן אויפֿבליִען, אויפֿ
טויען...אויפֿלעבן, און גרויס און גרעסער און
נאָך גרעסער ווערן“, פּרץ, „אַ יונגן שרײַבערס
חנוכּה'. 4. עפּעס וואָס מע וויל ניט
דערמאָנען, ניט כאַראַקטעריזירן. ענלעך צו: אַזאַ
מין (שלעכטער) מענטש, אַזאַ מין (שלעכטע)
זאַך, אַרויסגעזאָגט מיט ביטול. „טאָן אַ, אַז
מע זאָל פֿאַרבײַטן אַ בן־מלך“, נחב, 'מעשׂה
מבן־מלך ובן־שפֿחה'. „צי וואָלט מען אַ, אין
פּוילן אַפֿילו פֿאַר אַ פּאַרשטשיק אין דער באָד
געמאַכט“, ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר תּרל„ו.
„גיט מיר איבער עפּעס אַ, אַז דער רוח מעג
טאַקע כאַפּן דעם ממזר„, ממוס פֿישקע.

,

5. עפּעס וואָס רופֿט אַרויס חידוש (ווײַל
אומגעוויינלעך גוט), התפּעלות. (אַרויסגערעדט
מיט דער פּאַסיקער אינטאָנאַציע) אַ, דאַרף מען
א זען)! כעס, אַזעלעס און ,
הערן

.

ממ...אַ טעם, א תּענוג, א'!„

אַ, ן אַזע
אַ, און אַזאַס [אַזאַ, נייטראַלער מין]. "יעדן טאָג קרייט [דער האָן]...מיט אַן אַנדער תּנועהלע...און ער מיינט אַז דאָס איז אַ, א, אַ'", נאַד. ,,אָט ביסטו ווידער אַ, א, אַ'", סוצ, יידישע גאַס.
אַזוינע — פּראַ. מצ פֿון אַזאַ ←. ,,די כּלי איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ, זאַכן, מיט אַ, בלעטלעך און מיט אַ, פֿאַרבן...", נחב, 'מעשׂה מבן־מלך ובן־שפֿחה,. ,,...דאַוועגען מיט אַ, אומגעהײַערשע געשרייען,,, [חיים מאַלאַגאַ], 'גדולת ר, וואָלף, [יפֿ]. ,,אַ, זאַכן מאָגט איר מיר שרײַבן", מסדר אגרת, תקפ"ה. ,,אַלץ עפּעס אַ, משונהדיקע, שרעקלעכע מעשׂים", ,,אַ, שקצים ווי דו,,, ממוס. ,,זי באַהאַלט עס אין אַ, מקומות,,, ,,געליאַרעמט מיט אַ, קולות,,, א. מ. פֿוקס. אַ, מיני זאַכן. ,,ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ, מ, מחשבֿות,,, בּ. האַגער.
אַזוינ□ער — פּראָ. Mhd: s□ ein. מענלעך, אָביעקטיוו — אַזוינעס. ווייַבלעך — אַזוינע, דאַטיוו — אַזוינער. נייטראַל — אַזוינס (←). מצ אַזוינע. אַזאַ איינער, אַזאַ (←). אַזעלכער. ,,...שפּעט אויס איטלעכן..., מאַכט

אזוך

אַלע אויסצודרייען: דער איז אַ'ער, יענער —
אַ'ער, נישטאָ די מענטשן וואָס אַמאָל", ממוס,
פֿישקע. „נאַציאָנאַליסט הייסט אַ'ער, וואָס איז
איבערגעגעבן, צוגעבונדן..."‚ ממוס, 'בישיבֿה
של מעלה'. „דו אַ'ער און אַ'ער, דו אָנכאַפּער,
דו אָנשיקעניש, דו פושע־ישׂראל איינער!"‚
ממוס, קליינמענטשעלע. „וואָס האָט אַ'ער
מורא?"‚ פרץ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבת'. „מיר
העטן מיר דעך אַ'עם צעריסן אויף פּיצלעך",
יפּ. „שפּעקולירן אויף אַ משׂא־ומתּן אַ'עם....",
עט, לידער. „צו דעם הוגגער האָט זיך נאָך
צוגעוואָרפֿן אַ מגפֿה, עפּעס אַ מין אונטערגאַנג,
אַ היציקע קראַנקייט אַ'ע"‚ ממוס, וואַלין.
„די מוטער איז אַ צדקת און די טאָכטער איז
אויך אַ'ע" [ווש מיט אַ זונה].
אַזויערנאָך — ← אַזוינאָך.
אַזוי פֿיל — ← אַזוי ב6. אויך: אַן
אומבאַשטימטע (גרויסע) צאָל אָדער אַ צאָל וואָס
מע האָט שוין פֿריִער דערמאָנט. „וויפֿל האָר
איך האָב אין קאָפּ, איבער אַ, פֿ, הײַזער האָסטו
מיך שוין אויסגעשלעפּט"‚ ממוס, 'שם און יפֿת'.
„ער האָט ניט אַ, פֿ, האָר אין קאָפּ וויפֿל ער

האָט שוין איבערגעהאַנדלט מיט ווײַבער,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. ,,געגעבן אַ קוויטל אַז אַ יאָר אַחר החופּה וועט ער אויסצאָלן אַ, פֿ, און אַ, פֿ'", פּרץ, ,דער מסור'. ,,מײַן תּפֿילה — זי ברעכט זיך אַ, פֿ, מאָל איבער", הל, בלאַט אויף אַן עפּלבוים. אַזויפֿילט — אַדי. ,,אַ ממזר זאָל נישט קומען אין דער עדה פֿון גאָט ביז צום אַ'ן דור,,, ש. ביקל, טמז, 2󠀠19 II י󠀠 1.

אַזוי צו זאָגן — 1. טוו פֿאַר 'לאמר'. 2. ווי אַן אַרײַנפֿיר צו רייד. ,,האָט ער געפּרוּווט פֿריִער מיט גוטן, אַ, צ, ז': אי, פֿע, שעמען מעגט איר זיך", שע, קליינע מענטשעלעך. 3. כלומרשט, וואָס זעט נאָר אויס אַזוי, וואָס מע האַלט אַזוי. ,,ער איז אַ, צ, ז אַ גאַנצער מאַכער,,,

,

רייד.

אַזו(נ)סט — אַדוו & קאָנ. M󠀠d: sunst, sust.
דזוו זונסט, אַזיסט, אַניט, אַז נישט; אין אַן אַנדער פֿאַל, אויב עס וואָלט געווען אַנדערש. ,,נאָך גוט וואָס מע האָט כּוח צו גיין איבער די דערפֿער, אַ, וואָלט מען געמוזט שטאַרבן פֿון הונגער,,, רייד (ליטע, אָנהייב 20. י,,ה).

„מײַן מערכה איז געווען וואָס זי האָט זיך
געמיאוסט צו מיר צוצוגיין, אַ, וואָלט זי מיר
די באָרד אויסגעריסן„, פּרץ, 'עלנט'...

אַזו'ר — דער, ־ן. < איי < פֿר < אַראַביש.
פּפֿ: לאַזור. הימל־בלויער קאָליר. בלויער
קאָליר פֿון אַטמאָספֿער. העל־בלוי בכלל. „אַ,
איז ליכטיק און באַרואיקט„. אַ־בלוי —
„דאָס בלויע, מילך־בלויע וואַסער איז רייצנד
דורכזיכטיק, און דער אַ־ב'ער הימל...אַזוי בלוי„,
ל. קאָברין איבז, מאָפּאַסאַן I, נ"י 1913. אויו
אַדי. אַ'ע רואיקייט. אַ'ע אומשולד. ־יש —
אַדי. די כּלה אין איר אַ'ן קלייד. אויך:
אַ'נע — „גריסן מיט פֿרייד די ווײַטע, אַ',
זילבער־קלאָרע, ליכט־ און ווײַס־שוימענדיקע
וועלן„, באַוושאָווער, פּאָעזיע אין פּראָזע.

אזור — [אייזער], דער. ← איזור.

אזורו מוכיה עליו

אזורו מוכיה עליו — [אַזוירוי מוכיאַך אָלאָוו]
זאַץ. תּח < מועד קטן, יד/א. 'זײַן גאַרטל
זאָגט עדות אויף אים'. געניצט מיטן ב: מע
דערקענט דעם מעמד לויט דער הלבשה, לויטן
ריידן, אויפֿפֿיר וכּדומה.

אַזורי'ט — דער, ־ן. 1. בלויער קאַרבאָנאַט

פֿון קופּער; בלויער קופּעראַרץ. 2.
לאַזורשטיין, איידלשטיין וואָס זײַן קאָליר וואַריאירט
פֿון לאַזור ביז טונקל־בלוי.
אַזטעק — דער, ־ן. דזוו אַצטעק ←. „די...
שיין־אויסגעפֿירטע ליולקעס, וואָס מע האָט
דאָרטן געפֿונען בעת די אויסגראָבונגען אויף
דער טעריטאָריע וואו ס'האָבן געוואוינט די
אַ'ן„ פֿגעז, ווילנע 5 1940, No.

אַזי — [אַזיַי] אַדוו. > 'אַדון עולם'; > תּהלים,
קכד, 3. זן. דעמאָלט, דענסטמאָל. „אַז מען
איז זייער נזהר אין דער מחשבֿה...אַ, ממילא
וועט דאָס האַרץ ניט וועלן קיין שלעכטס צו
טאָן חס־ושלום“, פּוקח־עורים, שקלאָוו 1832.
אָזיאַ — די. מצ נבֿ. מין פֿון שנײַדערישע
צודאַטן. אַרבל־האָר. אונטערשלאַק אין אַרבל,
גלאַט און שטײַף. קומט מיט די קאָלירן:
שוואַרץ, ברוין און גרוי. > אַזיע? [דאָס
וואָרט גענומען פֿון צײַטשריפֿט, מינסק 1928,
III, 878־II. ניט געקענט געפֿינען עמעצן וואָס
זאָל האָבן געהערט דאָס וואָרט. אפֿשר טעות
— אַזיאַם ←, מיט אַן אַנדער ב.]
אַזיאַ'ט — דער, ־ן. ווג ־ין, ־קע, ־ס. 1.
אײַנוואוינער אָדער געבוירענער אין איינעם פֿון

די לענדער אין אַזיע. 2. בּיטול־וואָרט מיטן
בּ: ווילדער, אומציוויליזירטער, מענטש אָן
וויסן, אָן קולטור. „גיי אויפֿן גאַס ניט אַרויס
אין לאַנגן כאַלאַט. זאָלן מענטשן ניט ווײַזן:
אָט גייט דער אַ',,, גאָר, יודישע לידער,
וואַרשע 1889. “שרײַען די פֿעלקער: טוט נאָר
אַ קוק אויף דעם אַ, אויף דעם ייִדן, אויף
זײַן גאַנג, אויף זײַן ריידן, אויף זײַנע תּנועות
און מנהגים“, א. ל. זײַדמאַן, וואָס דאַרפֿן
מיר, בּאַרדיטשעוו 1898. „בּיז ווי לאַנג וועט
איר פֿאַרקויפֿן כּלות מיט חתנים? איר זענט
דאָך ערגער פֿון אַ'ן, ווילדע מענטשן,
דעספּאָטן,,, שע, 'אַ דאָקטער'. 3. (טעאַטער־לשון)
דזוו יאָלד, 'משה'. איינער פֿון דעם עולם־גולם.
[פֿאַראַן אויך די מצ־פֿאָרעם אַ'ער. „בּיסטו
איבּערגעגאַנגען צו עטלעכע גראָבּע מענטשן
...אומגעבּילדעטע לײַט, מיט איין וואָרט צו
עטלעכע ווילדע אַ'ער,,, מרדכי אָסטראָווסקי,
אַמענטש אָן אַקאָפּ, זשיטאָמיר 1876.] ־ייש
— אַדי. אַ'ע כאָלערע. אַ'ער דעספּאָטיזם. [
קריטיקירנדיק זמירות יסrאל און פּרק שירה פֿון
ממוס]: „די צוויי אַלטע אַ'ע תּחינות, נאָך
מיט לשון־קודש־תלמודישע הערות
אונטערגעשלאָגן“, ייִל, פּריטשעפּע I, אַדעס 1876. „

אייראָפּע איז אַזוי פֿאַרווילדעוועט געוואָרן אַז
ווען מע וועט זאָגן 'אייראָפּעאיש'...וועט מען
מיינען דאָס אייגענע וואָס איצטער מיט דעם
וואָרט אַ',,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.
ווערבֿ: אַזיאַטירן (זיך).
אַזיאַ'ם — דער, ־ען? < אוק < טאָטעריש.
1. סערמינגע. לאַנגער און גרינגער פּויערישער
כאַלאַט. 2. [?] אונטערשלאַק פֿון דינעם
היימיש־געוועבֿטן שטאָף (←. אַזיאַ).

842

אַזי'ל — דער, ־ן. < איי < ל, גר. 1.
שוצאָרט. אָרט צו אַנטרינען פֿון די וואָס ווילן טאָן
שלעכטס, פֿון די וואָס רודפֿן (אַפֿילו אויבֿ
מען אַנטלויפֿט פֿון געזעץ). מקום־מקלט. ,,די
טעמפּלען זענען געווען אַ'ן פֿאַר אַנטלאָפֿענע
פֿאַרבֿרעכערס“. ,,אַמעריקע! זיסעס
פֿרײַהייטסלאַנד! דער אַ, פֿאַר אַלע אומגליקלעכע,,, דער
מענשענפֿרײַנד, נ“י 2 .29 1891, No. דערפֿון
— אָפּרו־אָרט, רואיק אָרט. ,,בֿעסערע פֿון
אײַך...זענען מיד געוואָרן און זוכן אַן אַ',
ווײַט פֿון קאַמף און דעם גאַנצן מי־און־
מאַטער,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 3.

צדקהאַנשטאַלט וואו אָרעמע, זקנים, יתומים,
קראַנקע האָבן אַ היים. הקדש. „אַ גרויסע סומע
אויף דעם ייִדישן יתומים־הויז און אַ, אין
ניו־אָרלעאַנס“, קמ, 20 1867, No. „די
האַרציקע פֿרײַנדשאַפֿט...צווישן די קראַנקנשוועסטער
און די אײַנוואוינער פֿון די אַ'ן„, פֿגעז, פּאַריז
3 1949' No. מיט דעם בּ אויך: אַ־פּ ו נ ק ט.
„קראָקע האָט געהאַט אַ צאָל אויפֿנעם־
שטעלעס פֿאַר פּליטים וואָס מע רופֿט דאָ אַ'־פּ'ן„,
רינגעלבּלום־אַרכיוו, מײַ־יוני, l940. אַ'־ש ט אָ ט.
← עיר־מקלט.
אָזיל סומקא ואתי היוורא — [... סומקע
ווייאָסע כיוורע] זאַץ. תּח. < בּבֿא מציעא,
נח/ב. 1. 'אַוועק רויטקייט און געקומען
בּלאַסקייט'. געניצט פֿאַרן מצבֿ פֿון גרויס
פֿאַרשעמטקייט. [ווען מע ווערט שטאַרק פֿאַרשעמט,
ווערט מען פֿריִער רויט, דערנאָך בּלאַס. די
גמרא בּרענגט עס ווי אַ ראַיה אַז מבֿייש זײַן
איז געגליכן צו שפֿיכות־דמים.] 2. אויך
שפּאַסיק מיטן בּ: אַוועקגעוואָרפֿן די בּושה. „וואָס
איז דאָ וועגן אים צו רעדן? אָ, ס, ו, ח, —
ער האָט אָנגעוואָרן די בּושה און לייקנט שטיין
און בּיין„. שפּאַסיק פּאַראַפֿראַזירט: א) אָ,
שלמהקע (סיאָמקע) ואָתי כוועדאָר (כוועדקע)

= איבערגעלאָזט דעם ייִדישן בחור און שלעפּט
זיך אַרום מיט אַ שייגעץ; בּ) אָ, ס, ו, ח,
= די רויטהאָריקע איז געוואָרן בלאָנד,
אָנצוהערעניש אויף פֿאַרבן די האָר.
אַזילרעכט — דאָס. רעכט אויף אַזיל ←.
רעכט זיך אויפֿצוהאַלטן אין אַן אַנדער לאַנד,
ווען עס קומט אויס צו אַנטלויפֿן אָדער מע
ווערט פֿאַרטריבן פֿון דעם אייגענעם אָדער
פֿריִערדיקן לאַנד. אַ, פֿאַר פּאָליטיש גערודפֿטע.
אַ, פֿאַר אַרויסגעטריבענע ייִדן. „אַ', דה דאָס
רעכט צו געבן אַ היים אַ רעוואָלוציאָנער, אַ
פּאָליטישן פּליט“, מוק, מײַנע באַגעגענישן. „ייִדן
וואָס אַנטלויפֿן פֿאַרן געזעץ...אין זייערע
גלותמקומות, זוכן...אַ, אין ישׂראל אויפֿן סמך פֿון
חוק־השבֿות“, היימיש, תּשרי תּשכ“ג.
אַזימו'ט — דער, ־ן. < איי < אראַביש.
(אַסטראָנאָמיע,
געאָדעזיע) אַרקע.
געבויגענע ליניע פֿון
האָריזאָנט (ג ע מאָ סטן
לויט דער ריכטונג
פֿון זייגער) צווישן
אַ באַשטימטן
צפֿונדיקן אָדער דרומדיקן

פּונקט פֿון האָריזאָנט
און דעם ווערטיקאַלן

אָ□־יִשיר

קדײַז וואָס □ ייִט דורך דורכן צענטע□. —
פֿון
דעם אָבּיעקט. אַ, פֿון אַ שטערן. ־אַ
אַדי. אַ'ע פּראָיעקציע — באַשטימט דעם קירצסטן
מהלך צווישן איין באַשטימטן פּונקט אויפֿן
ערדקײַלעך און אַ צאָל אַנדערע פּונקטן.

אָזי'מענע — די, ־ס. □ □ '□. <.
ווינטערתּבֿואה. ווינטער־פֿאַרזיי. שפּראָצן פֿונעם
ווינטער־פֿאַרזיי. „אָבער אויף די דאָזיקע
פֿאַרשמאַכטע פֿעלדער האָט די אויסגעדאַרטע
פֿאַרקריפּלטע אָ, (ווינטער־תּבֿואה) קוים געזשיפּעט„„
נ. בּרוסילאָוו, די שטילע ערד. אויך:
אָזימניצע, אָ'זימע, אָ'זימקע. „נו, און די
אָזימע האָט מען בײַ אײַך געזייט?„„ פּמ.
געניצט אויך ווי אַן אַדי: אָ, תּבֿואה.

אָ'זימקע — די, ־ס. □ □ <. מין עפּל, רויט,
באַזונדער האַרט, ווערט צײַטיק שפּעט אין
האַרבסט און אויפֿגעהיט במשך פֿון גאַנצן
ווינטער.

אַזי'ן — דער, ־ען. (כעמיע) פֿאַרבינדונג מיט זעקסגלידערדיקן רינג וואָס פֿאַרמאָגט אַטאָמען פֿון אַזאָט. פֿרגל אַזאָ'ל.

אַזי'סט — ← אַזו(נ)סט. פּד, ליטרש. אויך: אַזיסטן. אין תּי פֿאַרטײַטשונג פֿון 'פּן', למשל: „אַ, וועט איר שטאַרבן„ (בּראשית, ג, 3); „אַ, וועל איך בּאַצווינגען די שטאָט„ (שמואל בּ, יב, 28), אויך אָן 'פּן, אין תּנך, למשל: „אַ, קערסטו אָפּ זייער האַרץ אַהינטער" (מלכים א, יח, 37); „אַ, וועל איך געגליכן זײַן צו די גענידערטע אין גרוב„ (תּהלים, קמג, 7). „סײַ די בּעטן סײַ די שענק האָבן געמוזט שטיין אָפּגערוקט פֿון דער וואַנט, אַ, וואָלט אַלץ געפֿוילט", ייִט, פּוילן III. „...ער זאָל טאַקע טועם זײַן...אַ, וועט ער אייבּיק טראַכטן בּײַ זיך: ווער ווייס וואָס מע האָט אים פֿאַרבּאָטן„, צײַט, גש II. אין יחיאל לערערס מײַן היים:

אַ, & אַ'ן. „אַ נס איז איר [דער שטאָט] געשען, אַ'ן וואָלט זי...פֿאַרשוואונדן פֿון דער מאַפּע", אבֿיעזר בּורשטיין, אַמעריקאַנער, 5 IX 1958.

אַזיע — גנ. גרעסטער פֿון אַלע קאָנטינענטן. פֿאַרנעמט אַ שטח קרובֿ צו 44 מיליאָן ק„ק, קנאַפּע 9 פּראָצענט פֿונעם גאַנצן ערדקײַלעך און קרובֿ 30 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער יבּשה.

אין 1964 ייִדן (חוץ מדינת־ישׂראל און
סאָוועטןפֿאַרבאַנד) אַן ערך 125,000.

אָזיערע — די, ־ס. ← אָזערע.

אָזיריס — (מצרישע מיטאָלאָגיע) גאָט פֿון
דער זון און באַשיצער און ריכטער פֿון די
טויטע. מאַן און ברודער פֿון איזיס. „פּרעהס
טאָכטער איז לויט אַשס דערציילונג, געווען אַ
פּריסטערין פֿונעם מיצרישן גאָט אָ', דעם
גאָט פֿון נאַכט און טויט“, שנ, שלום אַש.

אָז ירננו כּל עצי יער — [... יעראַנענו קאָל
אַציי יאָאַ▯] זאַץ. < תּהלים, צו, 12. '
דענסטמאָל זאָלן זינגען אַלע ביימער פֿון וואַלד..
געניצט: א) אויסצודריקן באַגײַסטערונג פֿאַר
עפּעס וואָס איז זייער פֿריידיק; ב) איר. אויף
אַ בעל־תּפֿילה אַ קאַליקע. „אויף אונדזער חזן
זאָגט דער תּהילים אָ, י'... — אַפֿילו קלעצער
צעזינגען זיך אויך“.

אָז־ישיר — [...יאָשיר] דער, ־ס, ־ן. < שמות,
טו, 1. „דענסטמאָל טוט זינגען“, תּי. 1. די

אַז▯נרה

ערשטע ווערטער פֿון לויבגעזאַנג, וואָס משה
און די בני־ישׂראל האָבן געזונגען נאָכן

אַריבּערגיין דעם ים־סוף; נאָמען פֿאַרן גאַנצן געזאַנג. טייל פֿון פסוקי דזמרה וואָס מע זאָגט בײַ שחרית. „און צום מיינסטן דאַרף מען מכוון זײַן בײַ אָ'־י',„ הרבֿ א. ל. בּראַמיס

איבּז, ספֿר ▯tיח ספֿוניס, יאַס 1843. „אַ סגולה אַז דער אייבּערשטער זאָל אים מזמין זײַן זײַן רעכטן זיווג, זאָל דער מענטש אַלע טאָג זאָגן די שירה אָ'־י, מיט גרויס כּוונה וואָרט בײַ וואָרט„, טאַרלער רבּי, [לאָדז, 1910?]. „זי קלאַפּט אין פּויק און זינגט דאָס ליד פֿון גאָט און פֿײַער,...און ווײַט אין מדבּר פֿלאַמען די אָ'־י'־קלאַנגען“, אַל III, ,מרים,. [אַן עם־האַרץ איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ גאַנצער רעדנער, אַ פֿירער און אַפֿילו אַ חזן. די שטעטלשע האָבּן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווען זיי האָבּן זיך דערוואוסט. האָט איינער אויפֿגעקלערט: משה רבּינו איז דאָך אויך געווען אַ כּבֿד־פּה, אָבּער ווי נאָר ער איז אַריבּער דעם

ים ▯ שטייט שוין: אָ'־י, משה.]

2. נאָמען פֿון דער פּרשה טו, 1־19 אין דער סדרה 'בּשלח„ וואָס מע לייענט ש ב ת ש י ר ה. 3. לויבּגעזאַנג, שבֿח, אויסדרוק פֿון דאַנקשאַפֿט, פֿרייד, בּאַגײַסטערונג. „אַן אָ'־י, אויפֿן חשבּון פֿון מחבּר„. „קומען צום גבֿיר

מיט אַ נײַעם אָ'־י'“. ,,גענוג מיטן אָ'־י',
לאָמיר ריידן תּכלית,,, רייד. ,,אַז די געזאַמלטע
בײַשטײַערן וועלן צונויפֿגערעכנט ווערן, וועט
עס זײַן אַן ערלעכער אָ'־י, צו ארץ־ישׂראל“,
דפּ. ,,מײַן האַרץ וויל דיר זינגען אַ נײַעם
אָ'־י, פֿון וועגן אַ וואונדער — אַ צווייטער
יציאת־מצרים,,, הר, פֿאַרנאַכט.
ווערבֿ: אָז־ישירן. הער אויף צו אָ'־י'.
אַזכרה — [אַזקאָרע] די, ־רות. אויך: הזכּרה.
< ויקרא, ב, 2; כד, 7 אאַ. ,דערמאָנונג'. 'אָנדענק'.
1. טייל פֿון קרבן־מנחה (אייל, ווײַרעך,
זעמלמעל) וואָס איז באַשטימט צום פֿאַרבּרענען אויפֿן
מזבח. ,,און דער כּהן זאָל דעמפֿן זײַן
דערמאָנונג“, תּי. 2. תּל. < גיטין, נד/ב, יומא,
ח/א אאַ. דאָס דערמאָנען גאָטס נאָמען.
פֿאַרבײַט פֿון גאָטס נאָמען. דערפֿון: א) די ג, אַ'רות
אין שמע־ישׂראל (צווישן 'שמע־ישׂראל, און
'אחד'); בּ) די י,,ח אַ'רות אין קריאת־שמע.
3. (מיט שינוי אין בּ) צונויפֿקום אין
אָנדענק פֿון אַ נפֿטר, אַ פֿאַרשטאָרבּענעם, מיט
'אַל מלא רחמים', קדיש, אָפּשאַצונגען פֿון דעם
נפֿטר. אַן אַ, מאַכט מען צו שלושים, צו אַ
יאָרצײַט. [מע מאַכט ניט קיין אַ, שבּת, יום־טובֿ
און ראָש־חודש.] אָ פּ ר י כ ט ן אַן אַ'. מ אַ כ ן

אַן אַ'. אַ־אָ ו ו נ ט. כז ניסן אַן אַ, נאָך די
קדושים און גיבורים פֿון לעצטן חורבן. ״כא
תּמוז האָט מען אָפּגעריכט אַן אַ, נאָך
ביאַליקן״, פֿון אַ באַריכט. „ער האָט פֿאַרדינט
אַז מע זאָל יעדן יאָר מאַכן נאָך אים אַן
אַ״, רייד. ״דאָס זענען געווען אַ־מאַכערס
וואָס האָבן א גאַנץ יאָר געוואַרט אויפֿן אלול״,
אָפּאַ, 'אַ ליציטאַציע'.
אזכרה, אלוקים, ואהמיה — [ע'זקעראָ,
עלאָקים, ווייע'העמאָ'יאָ] 'אַז איך דערמאָן זיך,
גאָט, [אינעם חורבן ירושלים] טו איך ברומען'.
[„ס'ברויזט אויף דאָס האַרץ אין מיר...״, איבז

א. שוואַרץ, אין ייִש, העברעאישע פּאָעזיע.]
ערשטע ווערטער פֿון אַ סליחה, וואָס חזן און
קהל זאָגן יום־כּיפּור צו נעילה מיט אַ
טרויעריקן טראַדיציאָנעלן ניגון [האָט פֿיר
סטראָפֿעס, וואָס זייערע ראָשי־תּיבֿותן שטעלן
צונויף דעם נאָמען פֿון מחבר אַמתּי בן שפֿטיה
אין 10. י״ה]. געניצט מיטן ב: איך גיי אויס
פֿון בענקשאַפֿט נאָך דעם וואָס איז מער ניטאָ,

איז חרובֿ; איך בין דורכגענומען מיט צער.
מע ניצט פֿאַרן אָנוווּיז אויפֿן אָביעקט די
ערשטע צוויי ווערטער און דערנאָך דאָס דריטע
וואָרט. א', א', מײַן שטעטעלע וואָס די
נאַציס האָבן חרובֿ געמאַכט, וא',,.
אַזכרת־נשמות — [אַזקאָראַס נעשאָמעס] די
(געוויינלעך אָן אַרטיקל). דאָס דערמאָנען, דאָס
מזכּיר נשמות זײַן געשטאָרבענע, דאָס מתפּלל
זײַן פֿאַר זיי. [די תּפֿילה הייבט זיך אָן מיט
די ווערטער: ,יזכּור אלוהים את נשמתו...,, —
דערפֿון דער נאָמען. מע מאַכט 'אַל מלא רחמים,,
מע זאָגט ,אָבֿ הרחמים', און מען איז מנדר
צדקה. מען איז מזכּיר נשמות, יום־כּיפּור,
שמיני־עצרת, אַחרון־של־פּסח און דעם צווייטן
טאָג שבֿועות נאָך קריאת־התּורה. מען איז
מזכּיר נשמות קדושים בכלל אָדער באַזונדערע
קדושים.] מען איז מזכּיר נשמות די עלטערן
ווי אויך אַלע נאָענטע קרובֿים. די וואָס האָבן
נישט אַזעלכע קרובֿים גייען דערבײַ אַרויס
פֿון שול. אַ'־נ, איז פֿאַרשפּרייט בײַ אַלע
אַשכּנזישע ייִדן. דער אָנהייב פֿון מנהג אַפּנים
אין 12. י''ה. [אין אָנהייב איז אַ'־נ, געווען
נאָר יום־כּיפּור. צום ערשטן מאָל דערמאָנט
אין ספֿר חסידים פֿון 13. י''ה, פֿאַרפֿעסטיקט

פֿון רמ"א, וואָס פֿאַררופֿט זיך אויף ספֿר המרדכי, דערבײַ איז מען זיך סומך אויף אַ שטעל אין ספֿרי אַז 'מתים צריכים כּפּרה'] ״די טרויעריקע טענער פֿון אַ'־נ, טראָגן זיך פֿונאַנדער איבער דער שול,״ זשיט I, נ״י 1912.

אַז"ל — ר"ת פֿון: אָבֿי (אָח) זכרונו לבֿרכה; אמי (אשתּי, אַחותי) זכרונה לבֿרכה.

אַזלאָ־גרש — [...גיי'רעש] דער. אַ צייכן פֿון טראָפּ פֿון די טעמים אָדער טעמי־הנגינה ,

בײַ אַשכּנזים. ווײַזט אויף אַ גאָר קורצן אָפּשטעל. די באַצייכענונג ענלעך צו אַן אַפּאָסטראָף איבערן אות (זען צייכן איבערן ח אין 'כּחסד אַשר עשׂיתי עמך', בראשית, כא, 23).

.

- . געניצט

-

שפּאַסיק אין די אויסדרוקן: א) א'־ג, — געוואָרן אַ גרוש, אַן אָפּגעגטער; בּ) א'־ג, — געגאַנגען און אָפּגעגט זײַן אשה; ג) אַזלא — כ'גיי מיך גטן, גרש — כ'האָבֿ מיך שוין געגט.

אויך: אַ׳־ג, — כ׳גיי מיך גטן, גרשיים —
כ׳האָבּ מיך שוין געגט.
אַזלינן בּתר אומדנא — [אַזלינען בּאָסער
אומדענע] זאַץ. תּח. < כּתובות, סח/א. ←
אומדנא. ,מיר גייען (מע האַנדלט) לויט אַן
אָפּשאַץ, דה מע בּאַמיט זיך אויסצוגעפֿינען וואָס
עס איז געווען די סיטואַציע פֿון אַ צד בּײַ
געלט־ענינים (בּײַ אַן אָפּמאַך, אַ ירושה, אַ
גט אע) און מע פּסקנט לויטן אָפּשאַצן די
סיטואַציע.

אָזנים

--

אַזלינן בּתר רובּא — [...... רובּע] זאַץ.
תּח. < בּבֿא קמא, מו/ב. ׳מע גייט נאָך דעם
רובֿ, דער מערהייט, [ניט־פֿאַרענדיקטער זאַץ:
דאָס לעצטע וואָרט בּאיסורא — אין אַן ענין
פֿון איסור. דער תּלמודישער פּרינציפּ לערנט
אַז מע פּסקנט אין איסור־ענינים לויט דעם
רובֿ פֿון דער בּאַפֿעלקערונג. למשל: אַ
שווימענדיק פֿעסל ווײַן לעבּן אַ שטאָט וואו דאָס
רובֿ אײַנוואוינערס זײַנען ייִדן — איז דער

ווײַן כש]. געניצט אַזוי ווי אַחרי רבים להטות

←. „נו, גענוג זיך מתווכּח צו זײַן. לאָמיר

אָפּשטימען. אַ, בּ, ר'".

אַזלעבּידע, ־בּעדע — פֿטמ פֿון 'צאַלאַ בּידאַ'.

איר. דאָס גאַנצע בּיסל האָבּ און גוטס. „מײַן

אַ, איז ווערט חי ק"ק סערעבּראַם", ר־ייִד;

„כ'קען דיר אַוועקשענקען מײַן גאַנצע אַ'",

רייד (לויצק, וואָ).

אָזלת לקרתא — הלוך בּנימוסה —

[אָזלאַס לעקאַרטע — האַלוי'ך בּענימוסע] זאַץ.

תּח. < בּראשית רבּה, מח, טז; שמות רבּה,

מז, ו. 'קומסט אין אַ שטאָט — בּאַנעם זיך

לויט איר פֿירונג'. דאָס שוו געניצט אויך

בּײַם רעדן ייִדיש, אַזוי ווי: אַל ישנה אָדם

מן המנהג (←). ענלעך צו: „אויף וואָס פֿאַר

אַ פֿור מע זיצט — אַזאַ ניגון זינגט מען", שוו.

-

אַזמר בּשבּהין — [אַזאַמער בּישוואָכין] 'איך

וועל זינגען מיט לויבּ'. איינע פֿון די זמירות

פֿרײַטיק־צונאַכטס פֿאַר קידוש. געניצט ווי אַן

אַרײַנפֿיר צו לויבּרייד. ענלעך צו אָז־ישיר,

בּ3. [מע שרײַבּט עס צו צום אר,,י הקדוש; דער אַקראָסטיך איז: אַני יצחק לוריא...]. ,,בּײַם טיש זיצט מען לאַנג. נאָך די פֿיש זינגט מען
אַ, בּ'", י. א. קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבּן
אַז ניט — אויבּ ניט (←. אַז, בּ10), אַניט.
אויך: אַז נישט. ,,בּיהעפֿט דיך ניט צו איין רשע, אַז ניט גינישׂט זײַן ביז מעשׂה" [= בּייזן סוף], עיון, יז/א. ,,אַ קאַטאָוועס אַ ביסל אַזאַ מציאה! אַז נישט הײַנט קען חלילה די וועלט אונטערגיין!", ממוס, דער פּריזיוו. ,,די נסים וואָס גאָט טוט מיט יעדן [ייִד] בּאַזונדער, אַז נישט איז דאָך...ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי זיי לעבּן", אַש, תּהילים־ייִד. ,,נאָר שלאָגט נישט איבּער, אַז נישט וועט זײַן שלעכט,,, נאַד.
,,די אָרעמעלײַט מוזן זיך נעמען צו מלאָכות,
אַז נישט וועט מען ליגן אין דער ערד,,,
רייד (קאָלאָמיי).

אָזנים — [אָזנאַיִם] די. בּלויז מצ. >
.1
גרויירמיה,
ה, 21 אאַ. 'אויערן.. מיט שינוי אין בּ:
סע אומגעלומפּערטע אויערן. אָ, ווי בּײַ אַן אייזל. 2. אויערן, פּעיאָ. געבּן אין די אָ, אַז דער קאָפּ זאָל זיך דרייען. 3. אין אַ

פֿאַרשטעלטן לשון ‘‘שאַ, רעד שטילער, פֿאַראַן
אָ, וואָס קאָנען דערהערן,,. אַ צי די אָ, =
ווען מע דערמאָנט אַ פֿאַרשטאָרבענעם און
עמעצער גיט דערבײַ אַ נאָס [זאַבאַבאָנע, כּדי
דער נפֿטר זאָל שפּעטער נישט קומען צו
חלום]. 4. אויערן פֿון אַ בר־מינן. בײַם
מטהר זײַן אַ מת וואַשט מען אויך די אַ,
[אויך אַלע אַנדערע אבֿרים ווערן אָנגערופֿן
מיט לשון־קודשע ווערטער].

אָזנים להם...
אָזנים להם ולא ישמעו — [... לאָהע'ם
ווערלוי, ייִשמאָאו] זאָץ. < ירמיה, ה, 21;
תּהלים, קטז, 6. ,אויערן האָבן זיי און הערן
ניט, געניצט מיט בּבֿ: א) מען איז פֿיזיש טויבֿ
[ווי אין תּהליס וועגן געצן];) גײַסטיק טויבֿ,
מע פֿאַרשטייט ניט, מע רעכנט זיו ניט [ווי
אין ירמיה, וועגן די וואָס ווילן ניט האָרכן
דעם נבֿיאס רייד]. [ווען אַ רבי פֿלעגט פּאַקן
אַ תּלמיד וואָס האָט נישט געוואוסט וואו מע
האַלט פֿלעגט ער אים אָנציִען פֿאַר די אויערן
,
און אונטערזינגען: אַזוי...אָ, ל, ו, י, — וועל
איך לערנען מיט דיר דעם טײַטש פֿון 'אַף

להם', דו וועסט שוין בײַ מיר דערשמעקן
דעם טעם פֿון מײַנע קלעפּ.]
אָזנים לכותל — [...לאַקויסעל] זאַץ. < רשי,
ברכות, ח/ב; ויקרא רבה, לבֿ, ב; קהלת רבה,
י, כג. דזוו ווענט האָבו אויערן = מע זאָל
זיו היטן בײַם רעדן, טאָמער וועט דערהערן
עמעצער וואָס דאַרף פֿון דעם גערעדטן ניט
וויסן. אויך בײַ זיך אין דער היים דאַרף מען
זיך היטן מיט אַ וואָרט, קיינעם נישט באַרעדן.
,,אָ, ל, — שטיוול האָבן אויך אויערן,,, פּוול.
,,[בדרך השאלה] רופֿט מען 'אויער, יעדן
אָננעמער פֿון אַ כלי...מע זאָגט דעריבער גאַנץ
שיין 'אָ, ל, — שטיוול האָבן אויך אויערן',,,
יע, מענשלעכער קערפּער, וואַרשע תּר,,פּ. ,,ליבע
לעזער, זאָגט דאָס ניט אויס, דערציילט עס
קיינעם, דען ווי זאָגט מען עפּעס, אָ, ל',,,
פּ. א. ר., ליבע בלײַבט ליבע, וואַרשע 1879.
,,וואָס קנאַקט איר ניט קיין ניס?...האָט ער
תּיכּף אַ זאָג געטאָן: אָ, ל', נישטאָ קיין ציין,,,
דער יוד, פּאַר־פּסח, וואַרשע 1881. זן אויך
אָזנים לדרך = דער וועג האָט אויערן,
דה מע זאָל אונטערוועגס נישט ריידן קיין
איבעריקע רייד, נישט דערציילן קייו סודות.
אָזנע(ר) — די & דער, ־ס. (קלעזמער־,

גנבֿים־לשון) זייגער. „כ'בין געוואָרן פֿאַרשיט
בײַ אַן אײַזערנעם אָזנער גאָר„, רייד.
אַזע — דזוו אַזש ←. „נעבעך געגאָסן מיט
הייסע טרערן עס אַ, געוועןאַ רחמנות
צוצוהערן“, טעיאַטאָר.
אָזע, — די & דער. o□]□וee□ש]O6 ,□][O3: □ ־.
□]ee□]□]□ □ □]□נe□נa□]□נ3,□[□aBoo —
געזעלשאַפֿט
אָפּצוהיטן דאָס געזונט פֿון ייִדן. געשאַפֿן
אין פּעטערבורג אין 1912 דורך דער איניציאַטיוו
פֿון אַ גרופּע ייִדישע דאָקטוירים און
כּללטוערס. אין דער צײַט פֿון דער ערשטער
וועלט־מלחמה באַזאָרגט די פּליטים מיט
וואוינונגען, עסן און מעדיצינישער הילף. נאָך דער
ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ וועלט־
אָרגאַניזאַציע מיטן צענטער אין בערלין (1924),
געווען זייער אַקטיוו אין ליטע און לאַטוויע,
אין ווילנע און אומג', אין די פּוילישע 'קרעסן,
און אין בעסאַראַביע. אין פּוילן האָבן די אָ'־
גרופּעס געשאַפֿן דעם ט אָ ז. געאַרבעט אין
סאָוו, אוקרײַנע ביז 1930. אין 1933 זײַנען
געווען 103 אָ'־געזעלשאַפֿטן מיט 30□000
מיטגלידער. אין 1933 האָט אָ, פֿאַרמאָגט 390

אַנשטאַלטן. אָ, האָט געפֿירט אַ גרויסע
פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר היגיענע, אַרויסגעגעבן
פֿאָלקסגעזונט און אַ גרויסע צאָל בראָשורן אין ייִדיש;
האָט געהאַט זומער־קאָלאָניעס, ספּעצ פֿאַר

אָרע844

מע קינדער, האָט באַקעמפֿט פֿאַוואוס, טראַכאָמע
און אַנדערע קראַנקייטן. זינט 1933 איז די
צענטראַלע אין פּאַריז.

אָזע'ט — דער. ז][o3: . ראָשי־תּיבֿות פֿון
o no ן] o e'r]
O( ]ש ee] 3( ] e.]] o] y
— .r]]ש נ נ (e]] e] B (((P
געזעלשאַפֿט אײַנצואָרדענען ייִדן אין סאָווי'־
פֿאַרבאַנד אויף ערדאַרבעט. ייִדישע קירצונג:
געזערד. געשאַפֿן סוף 1924 און אין 1938
ליקווידירט. געהאַט 500,000 מיטגלידער, בתוכם
ניט־ייִדן. זיך פֿאַרנומען מיט באַזעצן ייִדן
אויף ערד (כערסאָן, קריס, בירָאָבידזשאַן). „אָט
אַזאַ ביסל פּערעסעלענצעס, ווען דער אָ, שיקט
אונדז אַרײַן, וואָלט מען געקענט עפּעס
אויפֿטאָן", מ. גאָלדשטיין, בירעבידזשאַנער אויפֿן

אַמור, מאָסקווע 1934.
אַזעטיקע — פּראָ. אַזעלכע. > שוואַבישן ד
as ttege (אין שווייץ: s ti setig; טיראָל
(s t iI). — געוויינלעך בּמ. אצ זן. רר פֿון
מזרח־ליטע, זן וורר. „הײַנט איז דאָס אַ
וואונדער אַז אויף אַ, רייד האָט ער דערהערט אַן
ענטפֿער — אַ שוויסץ“ [= פֿײַף], ער שטאָדט
מגיד, ווילנע 1896. „מיר איז אַ חדוס [=
חידוש] וואָס איר סטעקט [= שטעק] זיו אויו
אין אַ, עסקים“ [נאָכמאַכנדיק ווי אַ ליטוואַק
רעדט], יהל, די אומבּאַקאַנטע פֿאַרליבּטע, וואַר
שע 1901. „אײַ קונים!...אַ, קונים וואָלט איך
וועלן אַ סך,„ ש , יקנה“ז'. „זיי דערציילן
אַ, מיאוסע געשיכטעס,„ ימ איבּז, ייִנגל און
מיידל, 1929. „כ'האָבּ דרײַ זין אַ, ווי דו,„
ש. גאָדינער, דער מענטש מיט דער בּיקס II,
1933. „דאָס בּרענגט אונדז מאַטייקע אַ'ע
גרוסן,„ סוצ, געהיימשטאָט. אויך: אַזעטקע,
אַזעטקענע. אויך: אַזעטענע. „איז זײַן
נשמה אַרײַן אין דעם בּחור, כּדי אים צו
העלפֿן אין אַזעטענע מצוות,„ שבֿחי האַר„י
[קעניגסבּערג, 19. י„ה]. „ווי טראָגט די ערד
אַן אַזעטיקן!“, רייד (פֿון ווידז, מזרח־ליטע).

אָזעלאָ'ט — דער, ־ן. רויבֿ־חיה פֿון
אַמעריקאַנער קאָנטינענט,
געהערט צו דער
קעצמשפּחה, האָט אַ
בּרוינע פֿעל. איז אין אַ
סך פּרטים ענלעך צו
אַ לעמפּערט.

אַזעלכ ער — פּראַ, אַדיעקטיוויש. ein : M
(soleh) 1eh. אויך: זעלכער (עלטערע

פֿאָרעם), אַזאָ כער. אין אצ בּלויז ווען אָן
אַ סובּסטאַנטיוו אָדער נאָך אים; אין מצ אין
אַלע פֿאַלן. ← אַזאַ, ← אַזוינער. 1. וואָס
איז פֿון דעם מין וואָס איז דערמאָנט, בּאַקאָגט,
פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן הערער (לייענער). שסעל
ניט אַ'ע קלאָץ־קשיות. ,,מיט אַ'ע פֿאַרלאַנגען
קומסטו צום בּעל־הבּית!,,, רייד. ,,אויף אַ'ע
לײַט ווערט געזאָגט דער פּסוק ,ואוהבֿי שמו
ישכּנו בּה'", קה. ,,איז דעם עולם אַ גרויס
וואונדער געווען ווי קומט צו אַזאַ קבּצן זעלכע
מלבּושים,,, שבֿחי בּעשט. ,,עס פֿלעג זיך דער
ווײַבּ אָפּטער פֿאַרווען אַ'ע זאַכן,,, אמד, הנסיון,

ווילנע 1856. ,,דאָס ביסל גויאיש...איז קאַרג געוועןְ פֿאַר אַ'ע ענינים“, ממוס, מסעות. ,,פֿון יעדער אַ'ע נײַעס האָבן די ייִדן אויפֿגעציטערט,,,

אַזעלכער

ספּ, סודות. שטאַרק אַקצענטירט, ווען מע ווײַזט אָן געניוי פֿון וואָסער מין. ,,בּרענג מיר נאָר אַזעלכע פּאַפּיר,, [= פּונקט אַזאַ מין פּאַפּי□], רייד (ליטע, 'פּאַפּיר, — דאָ מצ פֿון דעם שטאָפֿנאָמען). ,,זעט, אַזע'לכע עפּל! ווער איר געפֿינען אַ'ע עפּל?,,, רייד.

2. בּײַ אַ פֿאַרגלײַך. וואָס איז פֿון דעם זעלבּיקן מין, סאָרט, קאַליבּער אע. ,,אַזאַ כּוחהדיבּור, אַזאַ מויל! מע געפֿינט ניט אַ'ן“, רייד. ,,אַ'ע שרײַבּערס ווי מיר האָבּן געהאַט אָנהייבּ יאָרהונדערט, האָבּן מיר ניט מער,,, רייד. ,,אַ'ע מאָלערס ווי שאַגאַל און סוטין זײַנען אַ זעלטנקייט,,. 3. וואָס דער מין אָדער די קוואַליטעט דערפֿון ווערט איבּערגעגעבּן אין דערקלערנדיקע, אויסטײַטשנדיקע ווערטער (געוויינלעך מיט אַ בּײַזאַץ וואָס הייבּט זיך אָן מיט ו ו אָ ס). קריגן אַ'ע שׂכירות וואָס מע האָט קוים או□ף דורכצולעבּן. ,,אַ'ע(□) וואָס

מע קריגט צען פֿאַר איינער (איינעם)„, פֿוול.
„מע פֿלעגט אַרײַנגיסן אַ צעשלאָגן איי אין
אַ'ע זאַכן וואָס זענען טריבֿ און דורו דעם
איי זענען זיי קלאָר געוואָרן„, תּקוני שבּת,
אוסטרהא 1818. „געפֿינען אַ מענטשן אַ'ן...
זיך אויסרעדן זײַן שווער האַרץ„, מע[illegible]יות
נוראים (פֿון ראַדזימינער רבּין), פּיעטריקאָוו
תּרע„ד. „און אַ שטובּ שטייט אַ'ער, וואָס מע
זעט קוים איינס דאָס אַנדערע„, שע, פֿונעם
יאַריד. "עס זײַנען אויך געווען אַזעלכע [
פּאַסאַזשירן אין בּאַן] וואָס זײַנען געפֿאָרן אונטער
דער בּאַנק", מ. אָשעראָוויטש, פֿאָר, 23 [illegible] 1960 .III
„אַוועקגעגעבֿן די בּרכה אַזעלכן וואָס ער האָט
נישט געמיינט„, טעיאַטאָך.
4. וואָס מע וויל ניט אַרויסזאָגן (ווײַל
אומאיידל, גראָבֿ); וואָס מע קען פֿאַר דעם ניט
געפֿינען קיין צוגעפּאַסט אייגנשאַפֿט־וואָרט (ווײַל
מען איז בּאַהערשט פֿון אַ שטאַרק געפֿי[illegible]);
וואָס מע האַלט אַז עס איז איבּעריק יעדער
בּאַשרײַבּעריש וואָרט. „אַ'ע וואָס איר זײַט! איר
וועט שוין קריגן אײַער חלק!„, רייד. „פֿאַרמיאוסס
זיך דאָס מויל מיט אַ'ע ווערטער„, רייד. „ווען
בּהלה, וואָס בּהלה — דאָס מאַכט ייִדן ניט

אויס. אַ'ע אָדער אַ'ע — אַלץ איינס,,, ממוס,
שלמה. ,,דו אַ'ער און אַ'ער! ביסט דאָך ווערט
מע זאָל דיך ווייס איך וואָס!,,, שע, קליינע
מענטשעלעך. ,,גענומען טראָגן אונטערקליידלעך
מיט אַ'ע ווײַסע שפּיצן,,, אָפּאַ, ,ליבע'. ,,זי
האַט שוין אַ נאַטור אַ'ע. — וואָס ווילסטו
זאָגן? — כ'ווייס? אַ קאַפּריזנע, אַ מאָדנע,
דאָ איז זי גוט, דאָ איז זי שלעכט,,, רייד.
*דו אַזוינער און אַ'ער! אַ'ער און אַזוינער!

אַ□ □כעם — געוויינלעכע פֿאָרעם אין
ניי*ניטא 'ער! — הן לגנאי הן לשבֿח.

טראַלן מין. ניטאָ אַ'! אַזוינס און אַ,. אַ, און
אַזוינס. אַ, ו ו י אַזוינס. ,,אַ, האָט מען נאָך
קיינמאָל ניט געהערט“, רייד. ,,איך דאַרף מיך
אַ, נישט אונטערשטיין“, א. פּאַוויר, ספּורי
הפֿלאות, וואַרשע 1844. ,,עפּעס געטראָפֿן אַ,
וואָס איז נישט אין מענטשנס כּוח...[צו]
פֿאַרמײַדן“, ספּ, סודות. די פֿאָרעם אַ, ווערט
פֿאַרביטן מיט אַ ז ע ל כ ס (כּדי אויסצומײַדן די
ענדונג ־עס, דטשמ אין אַדיעקטיוון). ,,לא די
וואָס אַזעלכם הייבט זיך זיי נישט אָן צו
גלוסטן,,, ממוס, אַ סגולה....

אָזעמע

אַזעלכענער — דזוו אַזעלכער מיטן פֿאַרגרעסער־סופֿיקס ־גע (־ענ□). אָפֿט אין רייד, לד. „מוחל אַ'ע גליקן„. „ער האָט אַ'ע צרות אַז קיינער קען אים ניט מקנא זײַן‟. „דינגען זיו אַרבעריקן [= האַרבעריקן] אויף אַ'ע ערטער‟, לט2, עג/א. „אַ'ע מענער מיט אַזוינע הויכע אידעאַלן‟, מבֿ״ס, הוגה דעות I, ווילנע 1912. „עס האָט שוין געטראָפֿן אַ'ע זאַכן„, אַר, ‚מײַן פֿרײַנט'. „אויף אַ'ע ווערק דאַרף מען פֿאַרהאָרעוועןֿ„, מ. גראָסמאַן, היימיש, אָקט, 1961.

אָ'זעמע — די, ־ס. □ o□em: □ □. <.
בעס, רומ. קײַלעכדיק און דיקלעך שטיקל טייג מיט אײַנשניטן אויף דער אייבערפֿלאַך, וואָס מע האָט געבאַקן אויפֿן פֿלאַם פֿון אויוון. דאָס דיקע פֿלעצל ווערט פֿאַרטיק צום עסן אַ סך פֿריִער ווי ברויט אָדער חלה וואָס באַקט זיך אין אויוון. מיטגעבן אָ'ס די קינדער אין חדר אַרײַן.

אַזע□ — דער, ־ס. פּראָוואָקאַטאָר. [
פֿאַמיליענאָמען פֿון אַן אָנפֿירער פֿון דער טעראָריסטישער גרופּע פֿון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן.

סוף 19. און אָנהייבּ 20. י,,ה. אַרויסגעגעבּן
זײַנע אייגענע חבֿרים דער צאַרישער אָכראַנקע □]
מע קען אים גלייבּן אַזוי ווי אַ'ן. האָבּ ניט
צו טאָן מיט אים, ער איז אַן אַ'קע.
אָזעראַנעץ — דער, ־נצעס. 1. ווער עס
וואוינט בּײַ אַן אָזערע אָדער ציט זײַן פּתסה
פֿון אַן אָזערע. עס שלאָגט (טראָגט) פֿון אים
מיט פֿיש ווי פֿון אַן אָ'. 2. עם־הארץ.
גראָבּער־יונג.
אַזערבּיידזשאַן — גנ. איינע פֿון די
רעפּובּליקן פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבּאַנד (פֿססר) אין
פֿאָדער־אַזיע. [1950 — 3,209,700 אײַנוו,, 41,245
ייִדן□]
אָ'זעריק — אַדי. 1. וואָס האָט (אַן) אָזערע(ס).
אָ'ע געגנט. די אָ'ע שטאַטן פֿון מיטן־וועסט.
2. וואָס זעט אויס אָדער דערמאַנט אין אַן
אָזערע. ,,נאָכן געוויסער זײַנען פֿאַרבּליבּן אָ'ע
גאַסן,,.
אָזע'רניצע — די. מצ נבּ. אויך:
אָזשערניצע. □נ]□□]□I□נ□]O3e: □ □ <. זאַלץ פֿון
וואַסער
בּײַ די בּרעגעס פֿון ים אָדער אין אָזערעס
ניט ווײַט פֿון ים. ספּעצ בּײַם אַדעסער לימאַן.

שלעכטער סאָרט זאַלץ.

י)ע'זערע, ע[illegible]י[illegible][illegible]רע. [illegible] [illegible]

אָ'זער[illegible] (־]. אַ

— די, ־ס. אוי: זי <.

אויך: , [illegible]. <־

גרעסערע אָנזאַמלונג פֿון וואַסער אין מיטן לאַנד, אין אַ טיפֿעניש. אַ נאַטירלעכער רעזערוואואַר מיט געוויינלעך ניט־געזאַלצן (זעלטענער געזאַלצן) וואַסער וואָס פֿליסט ניט אַרײַן אין ים. כאַפּן פֿיש אין אָ'. שווימען אין אָ'. די לבֿנה שפּיגלט זיך אין דער אָ'. „ער האָט אַמאָל אויף די זעלבע אָ, זיך געגליטשט, געכאַפּט פֿיש, זומער אין אַ לאָדקע און ווינטער אין די פּלילאַנקעס (פּראָרובעס), צוזאַמען מיט זײַן שול־חבֿר, [וואָס זײַח פֿאָטער האָט די אָ, אין אָטקופּ געהאַט“, י. בודזאָהן, דאָס חנוכה־ליכטעל, ווילנע 1895. „אָפּהיטן די וועלדער, וואָס וואַקסן דאָרט, וואו די טײַכן גייען אַרויס פֿון די בערג אָדער וואו עס איז דאָ

זומפּן אָדער אָזיערעס“, איש יהודי [לעאָן

ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטערבּורג 17 1901, No.
אַ גרויסע אָ, ווערט אויך אָנגערופֿן ים (דער טויטער ים, דער ים־המלח; בּײַקאַלער אָ, אָדער ים; קאַספּישער ים אאַ.) 2. אוקר. מג.
קאַלוזשע, שטייאיק וואַסער אין אַ גריבּערדיק אָרט אויפֿן שליאַך אָדער אין פֿעלד. קריכן אין אַלע אָ'ס, גלײַך מיט די חזירים. קוים אַרויס פֿון אָ, מיט זײַן פֿערד און וועגעלע. „די זון דרייט אויס איר פּנים צו דער ערד און טריקנט אויס די אָ'עס אין פֿעלד„, נפֿתּלי גראָס.
אויך אָזער, דער & די. בּעיקר מיטן בּ2.
„אַז דאָס וואַסער פֿאַלט, זאַמלען זיך צונויף די פֿישערס און נעמען צוזאַמען די פֿיש, וואָס זענען געבּליבּן אויף דעם אָ'„, קמ, 1863, 18.
אָזקופּען זיך — ־פּע זיך, זיך אָזקופּעט.
אוקר. מג. סקופּען זיך. צונויפֿקוועטשן זיך, צונויפֿפּרעסן זיך אין איין קופּע. „מיר זענען געווען צען אירע און האָבּן זיך יאַקאָש אָזקופּעט אין איין שטיבּל„, רייד (קאָלאָמיי).
אַזקערן — פֿטמ. דזוו בּלאָטערן. פֿון אַסכּרה.
אזק״ש — ר״ת פֿון: אחר זמן קריאת שמע.
אזרה — [עזראָך] דער, ־ים [עזראָ'כי]. < שמות,

יב, 48; במדבר, ט, 14 אאַ. .1
אײַנגעבוירענער, געבירטיקער אין אַ לאַנד, להיפּוך צו אַן
אַריבערגעקומענעם. „דער א, האָט געקוקט מיט
ביטול אויפֿן גרינעם“, רייד. .2
פֿולבאַרעכטיקטער בירגער. „די א'ים גייען צום
שטימקאַסטן“, רייד. “ווער פֿילט דאָ
דיסקרימינאַציעס? ייִדן זײַנען דאָ ניט קיין גרים, גאָר
א'ים“, רייד. „מיר שטעלן זיך פֿאָר דעם
געשיכטלעכן פּראָגרעס ווי אַ געוויסן מהלך, פֿון
פֿאַרהיסטאָרישן מענטשן ביז צום
סאָציאַליסטישן א', לאָמיר זאָגן“, ימ, נײַס, 1923.
.3 [אַרויסגערעדט: „עזראַ'ד“] אין ארץ־
ישׂראלדיקן ייִדיש — סתּם בירגער. „ס'איז זייער לײַכט
דאָ צו ווערן אַן א',,, רייד. דאָרטן אויך:
אזרהות [עזראַכו'ט] = בירגערשאַפֿט. ־דיק
— אַדי. אזרה־העיר [...האָאי'ר] =
שטאָטישער אײַנוואוינער, בירגער. „דאָס רובֿ פֿון
די א'י־ה, זענען געווען עולמשע, אָבער אַ
קליינער טייל זענען געווען חסידים,,, לדב.
אזרה נכבד — [...ניכבאָד] דער, ־ים ־ים
[...ניכבאָדים]. צב. אָנגעזעענער, פֿאַרדינסטפֿולער
בירגער. „דער א, נ, האָט באַקומען אַן
אויסצייכענונג פֿון דער רעגירונג,,.
אזר נא כּגבֿר הלציך — [עזאָר נאָ קייגעווער

כאָלאָצעכאָ] זאַץ. תּח. < איובֿ, לח, 3; מ, 7.
תּי: „גורט אַקאָרשט אָן ווי אַ מאַן דײַנע
לענדן„. געניצט מיט די בּבֿ: א) גרייט זיך
גוט צו (צו אַ וויכּוח), ווײַז וואָס דו קענסט;
בּ) שטאַרק זיך, נעם זיו אָן מיט מוט (איידער
מע גיט איבּער אַ שלעכטע בּשׂורה). „א, נ,
כּ, ח„ איך האָבּ געהערט אַז די בּעלי־בּתּים
זײַנען אומצופֿרידן מיט אײַר'.
אַזרע — גנ פּטמ, דזוו זאַרעטשע.

▯

גאַס אין ווילנע, וואָס האָט געפֿירט צום
בּיתעולם. זיך פֿרייען אויף אַ'. קללות: „מע זאָל
דיר שוין פֿירן אויף אַ'“; „האָבּן זאָל איך
דיר אויף אַ'„.

אַזשונזשען

אַזש — אַדוו. ▯a:▯. (אַזשע — בײַ עט ▯
אַזשיק, פּטמ, וורר; אויך: אַזע). בּיז צו
(דער מדרגה פֿון); כּמעט ווי, גלײַך ווי; שיִער
ניט. 1. קומט פֿאַרן אַדיעקטיוו און גאָכן
ווערבּ, אין צוני־פֿגעזעצטע פֿאָרמען נאָכן
הילפֿסווערבּ. דער קאָפּ ווערט אַ, דול. עס ווערט אַ,
ניט גוט. אַ, רויט ווערן פֿאַר חרפּה. עס קלינגט

אַ, אין די אויערן. שפּרינגט אַ, פֿאַר פֿרייך.
דאָס האַרץ ציטערט אַ'. „דער קאָפּ איז מיר
אַ, פֿאַרשלאָגן“, דוד פֿרישמאַן, קליינינקייטן,
טאַרנאָוו 1894. „דער לייבּ האָט אַ, דאָס קול
אָנגעוואוירן“, עט, משלים. „ממש די אויגן
קריכן אַ, פֿון קאָפּ„, שע, טבֿיה. „שרײַט דאָס
קליינע עופֿעלע, לעכערט אַ, דעם מוח□, אַר,
די אָרעמע געווינערין'. ס'רינט אים אַ, איבּער,
די (דער) בּאָרד = ער האָט פּתסה בּשפֿע.
אויך: דאָס שמאַלץ רינט...
2. פּרעפּ. קומט פֿאַר אַ סובּסטאַנטיוו
צוזאַמען מיט בּ י ז, פֿ ו ן, ק י י ן. ספּעצ ווען
עס רעדט זיך וועגן אַ גרויסן מהלך אין שטח
אָדער צײַט. אַ בּלאָטע אַ, בּיז די קני. דערגיין
אַ, בּיז דעם סמבּטיון. קעמפֿן אַ, בּיזן נצחון.
„ער האָט פֿאַרבּלאָנדזשעט אַ, קיין פּאַריז„,
שע, קליינע מענטשעלעך. „ער פֿאָרט...אַ, אין
קאַווקאַז“, מר I□י. „אַ, פֿון דער ווײַסל בּיז
לאַ־פּלאַטאַ איז פֿאָלג זשע מיך אַ גאַנג„, אַבֿרהם
זאַק. אַנאַלאָגיש: „אַ, פֿון אַזוי ווײַט גייסטו
צו פֿוס?“, רייד. שטאַמט נאָך אַ, פֿון מלך
סאָבּעצקיס יאָרן. „מײַן טאַטע שטאַמט אַ, פֿון
אָדם הראשון„, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו
1940. 3 פֿאַר אַ סומע, אַ צאָל (מיט גוזמא

.
אָדער חידוש). „אַ, דרײַסיק גילדן האָסטו
באַצאָלט? אַזוי פֿיל איבערגעצאָלט!“, רייד. „
אויסגעגעבן אַ אַ הונדערטער אין איין אָוונט“,
4
רייד. . קאָן מיטן גרונטיקן ב פֿון אַ„ אַדוו.
,

„וואַשן גרעט, קלאַפּן און שפּריצן מיטן פּראַטש
אַ, פֿונקען פֿליִען“, שע פֿונעס יאַריד. “ער
,
האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר אַ, די
וועגט האָבן אַ ציטער געטאָן„„ ש. ביקל.
5. געניצט צו פֿאַרשטאַרקן דאָס ווײַטערדיקע
(פֿרגל: אַז ב1 1). נר. „אַ, וויי צו די קינדער
וואָס זײַנען פֿאַרטריבן, אַ, וויי צו די לעבנס
וואָס ווערן צעריבן„„ יהואָש, 'אָלימפּוס און
חורבֿ'.
אָזשאָ'ג — דער, ־ן. רוסיצ. 1. ברי,
אָפּבריאונג, אָפּברען. באַקומען אַן אָ, פֿון דער
זון. אַן אָ, פֿון קראָפּעווע. 2. דאָס אָפּגעבריטע
אָרט אויפֿן לײַב.
אָזשאָגע — די, ־ס. ← דפֿוו. ברענעניש אויפֿן
(אין) האַרץ. „גיב מיר טרינקסאָדע, כ'האָב אַן

אָ',,, רייד.

אַזשאַ'ן — דער, ־עס. < .□ ,□ :a□ent
אין פּאַריזער ייִדיש — פּאָליציאַנט.

אַזשאָ'ר — גג. אויך: אַזיאָר. □נ□ □ :.e□ior
שטעטל אין ביאַליסטאָקער וואָיע'. ניט ווײַט
פֿון גראָדנע. 1897 — 1,392 ייִדן [3,283 אײַנוו.].

אַזשוראַ — די, ־ס. שפּאַ. הילף.
אַזשודאַנטע — געהילף, אַסיסטענט. אַדיוטאַנט.
אַזשודירן — העלפֿן, אַסיסטירן.

אַזשונזשען — אוטוו. ־זשע, אַזשונזשעט.

e□n□ו□1□ :a□ ־ <.בעס, רומ. 1. קלעקן, סטײַען,

זײַן גענוג. ,,דאָס פּאַפּעשויע־מעל וועט אַ, אויף
דעם גאַנצן ווינטער", ר□יד. 2. באַווײַזן,
דערגרייכן. מיר וועלן אַ, אָנצוקומען פֿאַר
ליכטבענטשן.

אַזשו'ר — אַדוו. < פֿר [צום טאָ□]. (סוהריש)
הײַנט צו טאָג, צום איצטיקן טאָג. פּונקט צום
טערמין. ,,וויפֿל ווײַזט די קאַסע אַ'?,, צאָלן אַ'.
דער בוכהאַלטער פֿאַרשרײַבט אַלץ אַ'. אויך סוב:
,,וויפֿל ווײַזט דער אַ'?" ־ירן — דערפֿירן די

בוכפֿירונג ביזן לעצטן טאָג.
אַזשור'ר — דער, ־ן. < פֿר. 1. געוועב, שטאָף וואָס איז שיטער געוועבט, געשטריקט אָדער געשטיקט. שטאָף מיט קליינע לעכלעך. אַ אַרבעט. 2. לײַכטע שטוקאַטור, אויך אַזאַ ▯, וואָס זעט אויס ווי עס וואָלט האָבן לעכלעך. 3. שמאָלע דימענטן־אײַנפֿאַסונג, וואו דער מעטאַל שטערט ניט צו זען גלײַך דעם גאַנצן דימענט. דער אַ, קאָסט ניט מער ווי צען דאָלאַר. 4. פֿיג. דורכזיכטיקייט, לויטערקייט. „אין מיר פֿאַרגייט אַ ליכטיקער אַ'▯, כאַסיע קןפּערמאַן.
גענוצט אויך ווי אַן אַדי. אַ'ע שטאָפֿן. ־יק — אַדי. ← אַזשורנע. ־(י)קייט.
אַזשותע — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַזשור ←. וואָס איז אינגאַנצן דורכזיכטיק. שיטער געשטריקט. „דאָס מיידל — אין אַ היטעלע מיט אַ זאָנטיקל און מיט אַ, הענטשקעלעך אויף די הענט,„ שע, פֿון כתרילעווקע. „אויפֿן קאָפּ אַ בלוי־זײַדן טיכל, אַ, אַרבעט... אַז מע האָט געקענט אַרויסזען דעם גאַנצן שלייער מיט די צעפּ,„ שע, סטעמפּעניו. „אויפֿן סטעליע [פֿון שול] איז געווען געמאָלס אַן

אויסגעהעפּטע אַ, לײַלעך,,, י□ראל
רוחומובֿסקי, זכרונות..., פּאַריז 1930.

אַזשיאָ□טאַ'זש — דער, ־ן. < אײ < פֿר.
בערזע־אָפּעראַציע מיט ספּעקולאַטיווע כּוונות (קויפֿער און פֿאַרקויפֿער שטעלן אײַן אויף דער מעגלעכקייט פֿון שטײַגן אָדער פֿאַלן אין דעם קורס פֿון די ווערטפּאַפּירן). ־טירן — זיך □אַרנעמען מיט בערזע־ספּעקולאַציעס; קויפֿן און פֿאַרקויפֿן ווערטפּאַפּירן. ־טע'ר — (פּאַריז) בערזע־ספּעקולאַנט. ווער עס האַנדלט אויף דער בערזע.

אָזשידאַ'יען — אוטוו & טרוו. ־דאַיע,
אָזשידאַיעט. רוסיצ. 1. אַפּוואָרטן. אָ, (אויף) עמעצן. אָ, אַ גאַסט. 2. ריכטן זיך. אָ, גליקן. ,,כ'האָב ניט אָזשידאַיעט, אַז דו וועסט זיך אַזוי באַגיין מיט מיר,,, רייד. ,,מיר אָ, אַז ער ועט אין טורמע ניט בויאַנעווען, וועט ער גיכער באַפֿרײַט ווערן,,, בריוו.

אָ'זשינע — די, ־ס. פּפֿ: אָזשענ(יצ)ע.
□ □ <. 1. שוואַרצע
מאַלינע לויטן
אויסזען און אָפּטסטן
קאָליר פֿון דער יאַגדע

(כאָטש ס'זײַנען
פֿאַראַן אָזשענעס פֿון
אַנדערע קאָלירן: ווײַסע,
ראָזע). ווי אַ מאַלינע,
 זעט אויך אויס די
אָ, גרײַפּלדיק. וואַקסט
זייער נידעריק בײַ

דער ערד אין קליינע קוסטעס. איז זאַפֿטיק,
זויערלעך. איז גוט אויף ווײַן און צו פּרעגלען.
וואַקסט בעיקר אין דרום־אייראָפּע און די
אַמעריקעס. פֿאַראַן אַ סך מינים קולטיווירטע אָ'ס.
פֿרוכט .ubus euba1 s (rutieosus [. 2)
פֿון טוטנבוים, פֿון זײַדנבוים. ל2. די בלעטער
פֿון זײַדנבוים דינען ווי שפּײַז פֿאַרן
זײַדוואָרעם. די אָ, א ז טונקל־רויט,
שוואַרצלעך (פֿאַראַן אויו
ווײַסע). מע עסט רויערהייט אָדער
מע ניצט צו מאַכן זאַפֿט.] פֿון
,,
ווען אָן וווערן פֿרוכטן מחויבֿ

אין מעשׂרות?...די יאַגדעס פֿון
תּות פֿון זינט זיי ווערן רויט,,,

,

פּיעט, מעשׂרות, א, 2.] Morus.

אָזשינקעס — די. אצ נבֿ. [illegible] :o[illegible] <
ל

.

זאַנגען־שטענגלעך וואָס בלײַבן איבערן וואָרצ
נאָכן שניט. די אָ, צעשטעכן די פּיס.

אָזשיר(ע)יעט ווערן — אוטוו. ווער ־יעט,
אָזשיר(ע)יעט געוואָרן. סל. [illegible]pe'r]

1 פּעט ווערן.

.< . [illegible] :O[illegible]נ[illegible]

[illegible]i'r] [illegible]נ :o[illegible] <. אומאיידל. .
אָ, וו, ווי אַ חזיר. 2. באַרײַכערט ווערן
מיטאַמאָל (פֿון דלות אין עשירות), ווערן אַן
אויפֿגעקומענער נגיד. אָ, וו, און פֿון וואוילטאָג ניט
וויסן וואָס אויסצוקלערן. אָ, ווערן פֿון
עקספּלואַטירן אַרבעטער.

אָזשעך — דער. מצ נבֿ. [illegible]e(or: [illegible] <.
נוסנהאָלץ, ניסנהאָלץ. ווערט גענוצט צו מאַכן
טײַער מעבל, אויך פֿאַר פֿאַניר (סטאָליערײַ —
ווילנע, וואַרשע). ־אָווע — אַדי. 1. אָ'ע

(וואָס איז פֿון ניסנהאָלץ) בעטן. 2. וואָס האָט דעם קאָליר פֿון ניס.

אָזשעניצע — ← אָזשינע.

אָ'זשעראָוו — גנ. אויך: אָזשעריוו. שטעטל אין פּוילן. קעלצער וואָיע'. אין די יאָרן 1823 — 1862 האָט מען ייִדן אַהין ניט אַרײַנגעלאָזט. אין 1897 — 2,557 ייִדן [3,339 אײַנוו,]. צונעמעניש: אָ'ער קאָזעס.

אַז''ת — ר''ת פֿון: אַחר זמן תּפֿילה.

א''ה — ר''ת פֿון: אָבֿי חורגי, אָדם חשובֿ, איש חסיד, אלוקים חיים, אַלמנה חיה, אסרוחג, אשה חשובֿה, אשת־חיל אאַ.

אָה — [אָך] דער, ־ים [אַכי]. אַ סך מאָל אין תּנך. 'בּרודער'. מיט שינוי אין בּ. 1. גרויסער, שטאַרקער בּרודער. ,,מײַן אָח נעמט זיך אָן פֿאַר מיר''. ,,לאָז אָפּ, ס'וועט דאָס דערזען מײַן אָח, וועט דיר זײַן אָך און וויי,,.. 2. פּעיאָ. בּרודער וואָס האָט זיך אין עפּעס פֿאַרזינדיקט. דער אָח און זײַן בּאַנדע. אַן אָח אין תּפֿיסה. 3. אין פֿאַרשטעלטן לשון. ,,רוף גיכער דעם אָח, איך האָבּ מורא צו בּלײַבּן אַליין מיטן שיכּור''. 4. אין מצ אויך סתּם בּרידער פֿיר אַחים זײַנען מיר געווען''.

,, .

אַה״א — ר״ת פֿון: אַרבּעים חסר אַחת (←).

□

אַהאבֿ — [אַכאַוו] < מלכים א, טז און ווײַטער. מלך פֿון מלכות ישׂראל, עמריס זון; געקיניגט לערך אין די יאָרן 854־875 פֿאַר אָצ. ← איזבֿל. ← אליהו הנבֿיא.

אַ״ה און ל״ה — ר״ת פֿון. אַני חייבֿ = איך
.
בין שולדיק, און לי חייבֿ(ים) = מען איז מיר שולדיק. דעבּיט און קרעדיט [אין דער

□הד בּ□ד I□ך

טערמינאָלאָגיע בּײַ סוחרי□]. „אָך (אַך) און לאַך“, סוחריש ווערטל = אַז איך בּין שולדיק איז אָך (בּיטער, קרעכץ איך), אַז מען איז מיר שולדיק — לאַך איך.

אהבֿ״י — ר״ת פֿון: אַחינו בּני ישׂראל. ״אויפֿן צעטל אונטערגעשריבֿן: דבֿרי המבֿקשים לטובֿת אחבֿ״י„, ממוס, קליאַטשע.

אָה בּצרה — [...בּעצאָרע] 'בּרודער אין נויט'.

דזוו אָח לצרה ←.

אהד 1 — [עכאָ'ד] דער. בא. איין, איינער.

> דבֿריס, ו, 4. דאָס לעצטע וואָרט פֿון שמע־ישׂראל, פּראָקלאַמירונג, אויסרוף, לאָזונג פֿון גלויבּן אין איין גאָט, אין איין־און־איינציקייט פֿון גאָט. „דער וואָס ציט לאַנג דעם א, — לענגערט מען אים זײַנע יאָרן“, יעבֿץ איבּז, עין יעקבֿ, תּרמ„ו, בּרכות, לז/א. „ווער עס זאָגט א', בּאַדאַרף ניט מאריך זײַן אין אַלף פֿון א, און [ניט] אָפּטיילן די אַלף בּאַזונדער„, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ„ג. „ווי אַ זילבּערנער שרויט צעשיט זיך לייבּלס א, צופֿוסנס בּײַם כסא־הכּבֿוד„, פּרץ, 'בּײַם גוסס צוקאָפּנס'.

אַזוי ווי א, איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון שמע־ישׂראל, איז א ו י ס ג י י ן, א ו מ ק ו מ ע ן מיט א, = שטאַרבּן אויף קידוש־השם. „דא האָט ער אַזו לנג גדינט איבּר דען (אחד), בּיז אים זײַן נשמה אויז גינג אין (אחד)„, מבּ, מעשׂה כט. „און לאַנג איז דער בּישאָף געשטאַנען, געקוקט ווי מע בּרענט און מע בּראָט, שעה־אויס און שעה־אײַן — און בּיזוואַנען אַ כאָרכל געטאָן האָט א'„, אַל I, 'אין די נעכט פֿון ניסן'. „וויל ער אומקומען ניט מיט א, אויף די ליפּן, נאָר מיט געווער אין

די הענט,,, שנ, ייִד, שרײַבער אין סאָוו'־
פֿאַרבאַנד.

פּרינציפּ פֿון איינסיקייט, פֿון איין־און־איינציקייט פֿון גאָט, ווי אויך זײַן אַטריבוט און זײַן נאָמען. ,,גאָט, וואָס ביסט געאיינציקט מיטן נאָמען א'‘‘, איבּז, נ. נ. הנובֿר, ספֿר שערי ציון, זשיטאָמיר 1849. די אַבּסאָלוטע איינקייט פֿון דעם א'. ,,אויב דײַן האַרץ לויפֿט — קום צוריק צו א',,, תּניא, עא. ,,אַזוי איז א,...געוואָרן דעם ייִדנס קאַווירער פֿאַר קיום, נצחון, גאולה,,,, בּ. ריווקין, אַ ג□לויבּן פֿאַר אומגלייבּיקע. ,,מיר האָבּן אויסגעיעט רציחה דורך דורות גלויבּן אין א'‘‘, פֿײַנ, צוק, מאַרץ 1956. ← אַחדות חבּורא.

אהד 11 — [ע'כאָ□] צוו & סובּ. 1. איין, איינער, איינס. געניצט בּײַם ציילן: אחד, שנים... יום א, = איין טאָג. 2. קומט אין אַ צאָל אויסדרוקן (זען ווײַטער). היום יום א, בּשבּת = הײַנט איז זונטיק. 3. נײַער בּ. אַן איינס, בּאַזונדערער אָבּיעקט אין אַ קאָלעקציע, אַ זאַמלונג. ← אחדים.

אהד־אהד — ← דפֿוו. אַדוו. < ישעיה, כז, 12. איינציקווײַז; איינס נאָך איינס; איטלעכער בּאַזונדער. אַרויף אויף דער טריבּונע א'־א'. זיך

אַרויסרוקן פֿון דער אַסיפֿה א'־א'. ציילן
רענדלעך (פּאַפּירגעלט) א'־א'.
אהד בּאהד — [...בּעעכאָד] אדוו פֿראַזע.
1. איינס פּ אַ ר איינס. הונדערט פּראָצענט;
כּולו רווח. "איך זאָג אײַך אָבער גאָר אַ
מציאה, איר וועט אַוודאי מייתּר זײַן דרײַ מאָל

אהד בּ ׄשפּהה

א, בּ',,, עט, סערקעלע. ,,אַ קליינשטעטלדיקער
קרעמער איז געוואוינט אַז ער לייגט אַרײַן
אַ הונדערטער אין סחורה, דאַרף אים טראָגן
א, בּ"', פּלאי, ׄ מדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ,,ב.
2. איינס אין איינס. אויף אַ הויכער מדרגה
און גלײַכווערטיק. ,,דער רבּי האָט תּלמידים,
זײַנען זיי א, בּ"'. ,,ממשיך צו זײַן אור
אינסוף בּ"ה אין כּנסת־ישׂראל...עס זאָל [יעדער
ייִ ׄ] זײַן א, ב, דווקא,,, תּניא, מא. ,,יעדער
מענטש איז מחוייבֿ מתקן צו זײַן זײַנע מעשׂים,
דיבּורים און מחשבֿות...כּדי ס'זאָל זיך
אַנטפּלעקן די קדושה פֿון הקבּ"ה אין דער וועלט
און ווערן א, בּ',,, סידור בּית אַהרן ויׄ Iראל.
אהד בּמשפּהה — [... בּאַמישפּאָכע] פֿראַזע.

צבֿ. תּח. 'איינער אין דער משפּחה'. גענוצט
מיטן בֿ: גראָטענער, יוצא־מן־הכּלל, אויסנאַם
אין דער פֿאַמיליע. „אָט דאָס בחורל איז א, בֿ'„.
אהד בּעיר — [... בּעאי'ר] פֿראַזע. צבֿ. תּח.
,איינער אין שטאָט'. 1. אויסנאַם. „אַ שטאָט
מיט סדומניקעס, ער אָבער איז א, בּ, — אַ
צדיק„. „אַזעלכע ספֿרים זעלטן געלערנט, מע
טוט מיט די ספֿרים נאָר מזכּה זײַן א, בּ,
ופּעם אַחת בּיובֿל“, ר, יצחק האַמבּורגער איבּד,
t ויח יצחק, לעמבּערג 1876. 2. קליין רעשטל.
שארית־הפּליטה. „דער חורבּן איז געווען אַזוי
גרויס אַז ס'איז געבּליבּן א, בּ'„.
אהד בּעיר ושנים בּמשפּהה — [......
אושנאַיִם בּעמישפּאָכע] פֿראַזע. תּח. פּאַראַלעל
צו ,אחד מעיר ושנים ממשפּחה, < ירמיה,
ג, 14 — איינער אין אַ שטאָט און צוויי אין
אַ משפּחה. גענוצט מיטן בּ: אַ הײַפּעלע, בּלויז
יחידים, געציילטע. [אָפּטער אויסדרוק פֿון די
משׂכּילים, ווען זיי האָבּן געפֿילט אַז זיי
זײַנען אַ קליינער מיעוט צווישן ייִדן.] ווען ס'רעדט
זיו ווענן אַן איבּערבּלײַבּ, רעשטל.
שאריתהפּליטה ווערט אויך גענוצט ווי בּײַ ירמיה:
א, מ ע י ר ו, מ מ ש פּ ח ה. „עס האָבּן זיו
געראַטעוועט א, מ, ו, מ'„.

אהד בפה ואהד בלבֿ — [... באַפּע, וועעכאָד באַלע'וו] פֿראַזע. < פּסחים, קיג/ב; בבֿא מציעא, מט/א. תּח. 'איינס אין מויל און איינס אין האַרץ'. ווען מע (ווער עס) רעדט אַנדערש ווי מע (ער) טראַכט (מיינט); ווען מען (ווער עס) איז ניט אויפֿריכטיק. ,,ער זאָגט טאַקע צו, אָבער גלייבֿ אים ניט, ס'איז א, בֿ, ו, בֿ''. ,,[דער תּלמיד־חכם דאַרף ניט זײַן] ווי אַנדערע מענטשן וואָס רעדן א, בֿ, ו, בֿ'', נוצ, זשיטאָמיר תּרכ''ג. ,,אַז אַ מענטש טרינקט זיך...זאָגט ער דעם אמת אַרויס...ניט א, בֿ, ו, בֿ'', קמ, 1867, No 14. ,,[ע▯] איז דווקא...אַן ערלעכער מאַן. ער איז נישט...א, בֿ, ו, בֿ'', פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.

אהד בפה ובלבֿ — [... אובאַלע'וו] ← דפֿוו. צבֿ. 'איינס אין מויל און אין האַרץ'. ערלעך, אויפֿריכטיק. וואָס געזאָגט — דאָס געמיינט. ,,ער איז א, בֿ, ו'...נאָר די גאַנצע צרה איז וואָס ער איז אַ ליטוואַק'', קמ, 5 1869, No.

אהד בשבת — [...בעשאַבעס] < תּענית, כט/ב. 'איינס אין שבת', זונטיק. ,,איה,,ש, א, בֿ, וועל איך אַרויספֿאָרן''. [ווײַל ס'שטייט ,,זכור את יום השבת,, פֿלעגן פֿרומע ייִדן

'

זיך נוהג זײַן צו ציילן די טעג א, בּ', שני
בּשבּת אַזוי. □

אהד האָבן — צזוו. מיי. קאַל ווב. 1. האָבן (פֿאַרמאָגן) צוזאַמען, בּשותּפֿות. 2. מאַכן ידאַחת.

אהד המרבּה ואהד הממעיט □־. [...
האַמאַרבּע ווייעכאָד האַמאַמיט] פֿראַזע. תּח. < בּרכות ה/א; מנחות, קי/א. 'סײַ איינער בּרענגט מער, סײַ איינער בּרענגט ווינציקער'. ווער — מער, ווער — ווייניקער [די צווייטע העלפֿט: 'ובֿלבֿד שיכוון לבּו לשמים, — דערעיקר ער זאָל מכוון זײַן האַרץ צום אייבּערשטן].

געניצט מיטן בּ: נישט וויכ□יק וּ ו י פֿ ל מע גיט, נאָר ו ו י מע גיט, עס זאָל זײַן מיטן גאַנצן האַרצן. „האָבּ ניט קיין עגמת־נפֿש וואָס דו קאָנסט אַזוי ווייניק געבּן פֿאַר מעות־חטים, א, ה, ו, ה'„. אויך שפּאַסיק: „ס'מאָכט נישט אויס צי אַ סך צי ווייניק, א, ה, ו, ה, — אַבּי אַ סוף זאָל עס נעמען“. „די בּײַשטײַערונגען דאַרפֿן זײַן צוגעגלעכע...'א, ה, ו, ה“„, פֿאָר,

13 19□3 XII.

אַהד־העם — > בּראשית, כו, 10. 1. [אַכאַד האָאָ,□I א) איינער פֿון פֿאָלק, פּשוסער מענטש, עמעצער. ווילן נישט האָבּן קיין מחזקות מיט אַן אַ־ה'; בּ) איינציקער פֿון פֿאָלק, חשובֿער, בּכּבֿודיקער. „וויפֿל אַ־ה'ס איכּא בּשוקא זײַנען דאָ אין אײַער קהילה?“ 2. [אויך: אַכאַד־האַאַ'ם] פּסעוודאָנים פֿון דענקער און עסייאיסט אָשר גינצבּערג (1856־1927), מחבּר פֿון על פּרשת דר□יס.

אַהד־העמיזם — [אַכאַ'ד־האַאַמיזם] דער. שיטה פֿון אַחד־העם. ← דפֿוו. גײַסטיקער ציוניזם. היות ווי אין א״י וועט (קאָן) ניט לעבּן דאָס רובֿ פֿון ייִדישן פֿאָלק, און אין די תּפֿוצות איז פֿאַראַן די סכּנה צו פֿאַרלירן דעם ייִדישן קולטורעלן פּרצוף־פּנים (איבּער דער ווידקונג פֿון דער סבֿיבֿה, איבּער דער אָפּשוואַכונג פֿון טראַדיציע), איז דער ריכטיקער דרך צו שאַפֿן אין א״י אַ גײַסטיקן צענטער פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, מיט עבֿריתּ ווי די שפּראַך — אַ 'מרכּז רוחני', וואָס זאָל משפּיע זײַן אויף די ייִדישע ישובֿים אומעטום. „ער איז געווען אַ מטיפּלאומי און האָט געפּרעדיקט אַ־ה, מיט אַ

געוואַלדיקן ברען,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
אַהד־העמיסט — דער, ־ן. ← דפֿוו.
אָנהענגער פֿון אחד־העמס שיטה. ־יש — אַדי.
אהד הריקים — [... (אַכאַד) האָרייקי] דער.
בא. < שמואל ב, ו, 20. תּי: 'איינער פֿון די נישט־ווערטיקע'. ליידיקגייער, הפֿקרניק, פּוסטאון־פּאַסניק פֿאַרשײַטער, געמיינער. ,,און גע,
זידלט האָט מען אים, רבש״ע! טאַקע כאחד הריקים — ווי א, ה, זידלט,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אַהדות — [אַכדעס] די (דאָס), ־ן (זן). < פֿון די אויסדרוקן אַ,־השם, אַ'־הבורא אאַ (זען ווײַטער) פֿאַרזעלבשטענדיקט דעם ערשטן טייל און געביטן ב פֿון איינקייט, איינסקייט צו א י י נ י ק י י ט. 1. מצבֿ אָדער געפֿיל פֿון זײַן איניק אין אידייען אָדער איבערלעבונגען.
אַ, אין (צווישן) אַ גרופּע. אַ'־ג ע פֿ י ל — ,,דאָס איז ניט דאָס אַ'־געפֿיל וואָס פֿאַראייניקט

אַהדות

צווישן זיו ערנסטע גײַסטער,,, בּעמ III. אַ'־
פֿ ו נ ק — ,,ווי לאַנג געדויערן וועט יענער
אַ'־פֿונק וואָס שטאַמט פֿון שותּפֿותדיקן
טרויערן?,,, יהואַש, 'נאָך דער לוויה'. 2. ספּעצ
(דאָס געפֿיל פֿון) גורל־שותּפֿות,
בּרידערלעכקייט, סאָלידאַריטעט בּײַ ייִדן. אַ, פֿון (צווישן)
פֿאָלק. אַ, צווישן כּל־ישׂראל פֿאָלק ישׂראל,
,, .
כ'קוק...בּאַטראַכט, בּאַקלער: אונדזער הייסע אַ',
אונדזער טיפֿע פֿרײַנדשאַפֿט [וועט] וואַקסן, ווערן
גרעסער אַלץ מער און מער,,, פֿרוג I, 'על
חטא'. אַ'־ק י י ט — קייט פֿון דורות וואָס
שאַפֿט די ייִדישע אַ'. ← אַחדות האומה.
,,אַ קינד פֿון אַ געזונטן אַלטן שטאַם, אַ
רינגעלע אין דער ייִדישער אַ'־קייט“, בּעמ □ י.
3. סתּם סאָלידאַריטעט, חבֿרשאַפֿט צווישן
מיטגלידער פֿון אַ גרופּע. ,,אַן אַלטער גנבֿ
האָט אַמאָל עפּנטלעך געזאָגט: אַז צווישן אונדז
גנבֿים זאָל נישט, חלילה, זײַן קיין אַ', דאַן
הערט זיך די גאַנצע וועלט אויף,,, יצחק משה
בּאַדער, צבֿיה פֿון אַדעסאַ, לעמבּערג 1905.
4. (געפֿיל פֿון) צונויפֿגעגאָסנקייט, פֿון
האַרמאָנישקייט מיט דער גאָרער וועלט, מיטן

אוניווערס. אַ, מיטן וועלטאַל. אַ, מיט אַלע
באַשעפּעגיש . „די נשמה צעגיסט זיך...און
זי ווערט אויף אַ רגע איינס מיט אַלץ וואָס
פֿאַלט אַרײַן אין איר שטח...אַ טיפּע אַ, מיט
אַלץ אין דער וועלט“, בעמ I. „גובֿר זײַן די
שתּי רשויות, די אור־צווייהייט, פֿאַרשמעלצן
מענטש און גאָט...אין איין אַ',,, קאָר I. אַש
איז דער זינגער פֿון אַ, פֿון רואיקייט“, שנ,
,
וועגן יודישע שרײַבער II.
5. מצבֿ פֿון שלום, פֿון פֿרידלעכקייט. לעבן
אין אַ, און שלום. „פֿון אַ, און שלום האָט ער
גערעדט זיס“, יהואָש, פֿאַבלען. „דאָס פֿאָלק
אַליין וואָלט שטענדיק געלעבט מיט ייִדן אין
אַ',,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
6. בשותּפֿותדיקייט אין מעשׂים. היפּוך פֿון
קריגערײַ, צעריסנקייט. די אַ, אין לאַנד בעת
אַ מלחמה. אַ, אין אַ קאָאַליציע. דער
פּרעזידענט רופֿט צו אַ'. „דער...וועג דערצו איז
די אַ, צווישן די פֿאַרשיידענע פּאַרטייען“, זשיט
IX, נ,,י 1919. 7. איינשטימיקייט,
איינפּלאַניקייט, קאָאָפּעראַציע בײַ אַ צאָל, אין אַ
גרופּע. אַ, בײַ פּועלים. ש ל י ס ן אַ'. באַנײַען
די אַ'. מאַכן יד־אַחת און א ײַ ג ש ט ע ל ן אַ'.

,,אין דער פֿאַבריק קאָן מען דורך אַ,
פֿאַרדינען אַזעלכע שׂכירות וואָס אַ משולח בײַ אַ
גבֿירישן בעל־הבית קריגט ניט אָפֿט'', זשיט
vI, נ"י 1917. מ אַ כ ן אַ, = אויך
אויספּלאַנירן צוזאַמען צו טאָן שלעכטס, צו באַקעמפֿן.
דזוו צוזאַמענשלאָגן די קעפּ.
8. אָפֿטער נאָמען פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע און
פּאָליטישע פֿאַראייניקונגען פֿון ייִדישע
אַרבעטער אין מזרח־אייראָפּע סוף l9. און אָנהייב
20. י"ה. צושטיין צו אַ,. איינער פֿון די אַ,־
יונגען. אַ'־מאַן, אַ'־לײַט. ,,אין אַ צײַט אַרום
האָט שוין דער סטאַרשי געהאַט פֿאַרשריבן
אין בּיכל אַלע נעמען פֿון די אַ'־לײַט'', ווײַס,
אַ שטעטל. ,,קצבֿים און בעלי־עגלות, זיי ווילן
זיך אויך אײַנקויפֿן אין דער חבֿרה אַ'', דאָרI ן.
9. אָפֿטער נאָמען פֿון פֿאַראייניקוגגען פֿון
בעלי־מלאָכות, קרעמערס אאַ. אָפֿטער נאָמען
פֿון קאָאָפּעראַטיוון. עפֿענען אַן אַ'. אַ'־

וואַראַחדדת אלהות

שטאַט. אַ'־קראָם. אַ'־בענקל. 1O. נאָמען פֿוו
אַגודת ישׂראל (←.) אין ליטע, אין דײַטשלאַנד
צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

11. איינקייט, איינסקייט, איין־און־איינציקייט [ערשטיקער באַטײַט אין לק]. די אַ, פֿון השמיתבּרו.

אַהדות אלהות, אלקות — [... עלאָהו'ס, עלאָקו'ס] די (דאָס). בּא. צבֿ: אַ, + אלהות (< בּראשית רבּה, ו, א). דזוו אַ־השם ←. גאָטס איינקייט; געטלעכע איינקייט. איינקייט פֿון געטלעכקייט. אָפֿטער טערמין אין קבּלה און אין חסידישע שמועסן. „ייִדן זאָלן... דורכפֿירן דעם רעיון הקדוש והטהור פֿון מציאות און אַ, א'“, ייִפֿאָל, 1887 49 ,No, בײַלאַגע.

אַהדותדיק — אַדי. וואָס האָט אין זיך (בּינדט זיך מיט) אַחדות. טאָן עפּעס אַ'. „מיר זײַנען ניט זוכה צו אַ'ער אַרבּעט„, ימ, די נײַע שול, 1938. ־יקייט.

אָהדות־האומה — [...האָאומאָ(־מע)] די (דאָס). בּא. צבֿ. ← אומה. 1. איינקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. געדאַנק (געפֿי) אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז בּמשך פֿון אַלע דורות זינט אַבֿרהם אָבֿינו און אין אַלע לענדער פֿון צעשפּרייטקייט געווען און געבליבּן איין פֿאָלק. „איז אַ־ה, אַ פֿאַקט אָדער בלויז אַ בּאַגער?“, רייד. „אַ'־ה, איז איצט אַ פּראָבּלעם וואָס מיט איר פֿאַרנעמען זיך כּמעט אַלע בּאַוואוסטזיניקע ייִדישע

פֿירערס״, אפֿא, טמז, 2 .1964 X 11. אייניקייט פֿון (בײַם) ייִדישן פֿאָלק. „עס פֿעלט איצט אַ״ה, נאָך מער ווי אין די פֿריִערדיקע צײַטן,״ רייד. „מיר מוזן אָבער זאָרגן פֿאַר דער אַ״ה, — דער מאָניסטישער גאַנצקייט פֿון פֿאָלק,״ א. גאָלאָמבּ, קוד, נאָוו, 1964.

אַהדות־הבּורא — [... האַבּוירע] די. בּא. <חה, שער היחוד. איינקייט, איינציקייט, איינאיינציקייט פֿונעם בּאַשעפֿער [גרונטפּרינציפּ פֿון מאָנאָטעאיזם וואָס דערלאָזט ניט קיין שום פֿאָרעם פֿון שותּפֿות אָדער מיטהילף בּײַ בּריאתהעולם, פֿאַרלייקנט אַז די וועלט איז אַ קדמון, נאָר הייבּט אַרויס אַז זי איז אַ בּאַשאַף פֿון אחד (←). פֿאָרמולירט אין די ערשטע צוויי פֿון רמבּמ'ס 13 עיקרים פֿון ייִדישער א□ונה]. ← אַחדות־השם. „דער מענטש דאַרף...צו בּאַטראַכטן און פֿאַרשטיין די סודות אלוהות, ער זאָל מתכּוון זײַן אין גדולת־הבּורא, אין אַ״ה',״ נוצ, בּ, 12. „אַבֿרהם אָבֿינו גיט זיך שטאַרקע מי צו געבּן פֿאַרשטיין דעם ענין אַ״ה',״ לדבּ, נ,״י 1957. „אַפֿילו דער קערן פֿון ייִדנטום, די איינהייט אַ״ה, איז אויך פֿאַרפֿעסטיקט און געשטאַרקט געוואָרן אין גלות״, פּרץ, געדאַנקען □ון אידייען פֿאַרן בּאַוואוסטזײַן פֿון ייִדן

,,

איז די אידייע פֿון אַ'־ה, געווען אַ ייִדישע,
ווײַל נאָר בײַ ייִדן..., האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן
אין פֿאָלק", גרינ, ייִד און וועלט. ,,אַן אמתער
ייִד וואָס גלייבט אין אַ'־ה, טאָר גאָרנישט
לייענען קיין 'זוהר'", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אַהדות־הבּריאה — [... האַבּריִאָ] די. בּא.
איינקייט, צונויפֿגעבּונדנקייט, בּשותּפֿותדיקייט
אין בּאַשאַף. די אידיי(ע) אַז אַלץ אין דער
וועלט איז דורבגעגומען מיט דער איינקייט
וואָס קוואַלט אַרויס פֿון איינציקן בּאַשעפֿער.

848

,,אַ'־ה, איז אַ פּאַנטעאיזם וואָס גיסט זיו
צונויף מיט מאָנאָטעאיזם,,.

-

אַהדות־העבֿורה — [אַכדו'ט האָאַוואָדאַ'] די.
מצ נבֿ. 'אייניקייט פֿון דער אַרבּעט',
ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבּעסער־אָרגאַניזאַציע,
אויפֿגעקומען אין 1919 אין א,,י דורך אַ
שותּפֿות פֿון פּועלי־ציון מיט אומפּאַרטייאישע

מיטגלידער פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער. אַ'־ה, האָט געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָלע אין אויפֿקום פֿון דער הסתּדרות העובֿדים, דעם פֿאַרבאַנד פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייגען אין א״י. זינט 1944 אַ באַזונדערע פּאַרטיי וואָס פֿאַרנעמט אַ צווישן־פּאָזיציע צווישן מפּא״י און מפּ״ם, זיך באַטייליקט אין רעגירונג־קאָאַליציעס פֿון ישׂראל. אין 1965 אַ וואַל־אָפּמאַך (מערך) מיט מפּא,,י.

אַהדות־העולם — [אַכדעס האָאוילאָ] (געוויינטלעך אָן אַרטיקל). פּאַראַלעל צו אַ'־הבורא. 'איינהייטלעכקייט פֿון דער וועלט'. געניצט מיטן ב: די פֿילקייט און פֿאַרשיידנקייט פֿון אַלץ איז אין תּוך איינס. אויך: אַלע באַשעפֿענישן זײַנען אין תּוו אַן איינהייט. אויו: די גורל־געבונדנקייט צווישן יחיד און כלל. ,,ער (דער דיכטע) זעט אַ'־ה,...וואוהין פֿאַרשיידענע נשמה־שטראָמען פֿאַלן אַרײַן ווי אין אַ טיפֿן ים. אַמאָל איז עס אַן אורקאָסמיש געפֿיל,,, י)ראָל אפֿרת, ייִבל XXIII.

אַהדות־השם — [... האַשע'ם] די. בא. ' איינקייט פֿון נאָמען'. איינקייט, איינסקייט, איינציקייט פֿון גאָט. ← אחד. ← אַחדות־הבורא.

[געוויינלעכע פֿאָרמולירונג פֿון ייִדישן
מאָנאָטעאיזם, וואָס ציט זיך לויט דער טראַדיציע
פֿון אַבֿרהם אָבֿינו, איז באַפֿעסטיקט אין די
ערשטע צוויי פֿון די צען־געבאָט פֿאָרמולירט

,

אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אין דער תּורה (ספּעצ
אין דעם 'אין עוד מלבֿדו', דבֿרים, ד, 35 =
,,מער חוץ אים איז ניטאָ,,, תּי) און בײַ די
נבֿיאים אין קאַמף קעגן געצנדינערײַ; גייט
דורך אין דער תּלמודישער ליטעראַטור אויך
אין פֿאַרבינדונג מיט פּאָלעמיק קעגן דעם
גלויבן אין צוויי רשויות (איינע פֿון גוטס,
די צווייטע פֿון שלעכטס); פֿאַרטיפֿט אין דער
מיטלעלטערלעכער פֿילאָסאָפֿיע (צוליב טיפֿערן
אַרײַנדרינגען און קעגן קריסטלעכער
דרײַאייניקייט).] ,,די אמונה צו גלייבן אין אַ־ה,
איז איינס פֿון די תּרי"ג מצוות", ר, יצחק
האַמבורגער [איבז], פלא יועץ, ווילנע 1898.
,,מיר האָבן זיך אויף וואָס סומך צו זײַן
דורך דעם זכות וואָס מיר גלייבן אין אַ־ה',,,
ספֿר מטעמים, לאָדז [יאָר?]. ,,אַבֿרהם אָבֿינו
איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנערקענט
אַ־ה'...און עס געלערנט מיט די אומות־העולם",
הרבֿ ש. פּליסקין, אַמעריקאַנער, 8 ▯ 1958 .III

אַהדותן זיך — [אַ'כדעסן] אוטוו. אַחדות זיך, זיך געאַחדותט. 1. (חסידיש) זיך באַהעפֿטן, זיך מתדבק זײַן מיט גאָט, מיטן וועלטאַל. דורכלעבן דאָס עקזאַלטירטע געפֿיל פֿון צונויפֿגיסן זיך מיט געטלעכקייט. זיך אַ, מיטן בורא־עולם. 2. נעאַל. זיך שטאַרק פֿאַרבינדן מיט אַ גרופּע, ווערן איינער פֿון אַ צונויפֿגעפֿעסטיקטער גרופּע. ← אַחדות, בב 7־9. זיך

אחדיש

אַ, מיטן פֿאַראיין און פֿאַרגעסן די (וועגן דע□) אייגענע(ר) משפּחה.

אַהדותניק — [אַ'כדעסניק] דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. אַ מיטגליד פֿון אַ גרופּע (פֿאַראיין) וואָס מע רופֿט אַחדות (←, בב 7־□).

פֿאַרברענטער אַ'. „דער רבי...וויל וויסן צי איך האָב באַלאַנגט צו דער חבֿרה אַחדות...האָט ער געזאָגט אַז די אַחדות־לײַט זענען אַ באַנדע הפֿקר־יונגען וועלכע רעדן על השם ועל משיחו ועל נגתקה, און לאמורן אויך שלעכטס וועגן קייסער. איך האָב פֿאַרטיידיקט די אַ'עס. האָט דער רבי געזאָגט צו מיר: ווי איך זע, האָסטו זיך שוין אַליין אָנגעשטעקט פֿון די אַ'עס.

היט זיך פֿאַר מענטשן„, אַבֿרהם פּנחס אונגער, מײַן היימשטעטל סטריקאָוו, נ„י 1957. „און די טאַנדעט־שנײַדער וואָס האָבן ביז אַהער נישט געוואָלט צושטיין צו די אַ'עס, האָבן...אויך געמוזט מאַכן אַ שטרײַק„, ווײַס, אַ שטעטל.

אַהדות פּשוטה — [... פּשוטע(אָ)] די. באַ. < יוסף אלבו, ספֿר העיקרים. פּשוטע, עכטע, ניט־צונויפֿגעזעצטע איינקייט. אידיי(ע) אַז הגם דאָס געטלעכע אַנטפּלעקט זיך אין פֿילפֿאָרעמדיקייט און פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון זײַן, איז גאָט און זײַנע מידות אַן אומצעטייליקע, אַ פּשוטע אַחדות (בּ 11). „[די וועלט] איז נישט קיין אַ, פּ', נאָר אַ צונויפֿגעשטעלטע, אָבער דער אייבערשטער איז אַן אַ, פּ"", תּניא, פֿג.

אהד זײַן — צזוו. מיי. קאַל ווב. זײַן, טאָן בשותּפֿות, מיט איין דעה, מיט איין פּלאַן. זײַן אין אַ גרופּע וואָס מאַכט יד־אַחת. פֿרגל אחד האָבן.

אהדיזם — דער, ־ען. נעאָל. יעדע שיטה וואָס בינדט (גיסט) צונויף פֿאַרשיידענע עלעמענטן אין אַ העכערן איינס. „סוצקעווערס אַ, שטרעבט צו דער העכסטער קינסטלערישער קולמינאַציע. אַהין דערפֿירט ער וואָרט און אידייע", מאַטעס דײַטש, דווקא, 6. ־יסט, ־יסטיש, דאָרטן.

אהד, יהיד ומיוהד — [עכאָד, יאָכיד
אומיוכאָ□] < תּענית, י/ב; סנהדרין, ס/א. ,איינער,
איינאונאיינציקער און אייגנאַרטיקער'.
באַצייכענונג פֿאַר גאָט אין דער רבּנישער
ליטעראַטור. „דורך דעם [מקיים זײַן די מצוות ציצית]
זענען מיר זוכה צוגעקניפּט צו ווערן צו
השי„ת וואָס ער איז א„ י, ו‘‘, משי I.
אהדימניק — [אַכאָ'דימניק] דער, ־עס. וונ
־ניצע, ־ס. זזוו לאחדימניק. איינצל־
פֿאַרקויפֿער, קליינהענדלער. „די א'עס האָבן געהאַט
אויסצושטיין צרות צרורות פֿון די
שטײַעראינספעקטאָרן„, רייד.
אהדים־קאַמער — די, ־ן. קאַמער, צעל אין
אַ תּפֿיסה, וואו מע האַלט נאָר איין
אַרעסטירטן. „מע האָט אים אין די א'־ק'ן אַפֿילו ניט
אָפּגעפֿירט און פֿאַרזעצט גאָר אַהער“, וויספּע,
קאָוונע 1923, No א־בּ.
אהדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז (ווי) אחד,
איינסיק אָדער איינציק. „בּיזוואַנען דו ווערסט
אַן א, געשטאַלט, געלײַטערט אין פֿײַער פֿון
גופֿישן טיגל“, הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבּוים.
אהדיש — אַדי. וואָס האָט דעם כאַראַקטער,
איז אַזוי ווי אַן איינס אָדער איז איינציק. א'ער
מהות. ־קייט.

אהדל — [עכאָד I דאָס, ־עך. < אחד. אייגסל,
טויז אין קאָרטן. „אַ מזל פֿון אַ קאַרטעווניק,
אַרײַנגעקריגן אַלע פֿיר אחדלעך“.
אהד לא נעדר — [... לוי נע'דאָר] פֿראַזע.
תּח. < שמואל בּ, יז, 22. 'קיינער האָט ניט
געפֿעלט'. געניצט מיטן בּ: אַזוי ווי פֿריִער
אויסגערעכנט, ווי געפּלאַנט, מיט אַלע פּרטים,
פּיטשעווקעס. „אַ ווײַנגאָרטן מיט טייטלען,
פּאָמעראַנצן פֿוו אַלע סאָרטן, א, ל, נ„„ פּו,
ליטעראַטור און לעבּן. „צו דער סעודת־מצווה
פֿון דער חבֿרותא זײַנען געקומען אַלע, א, ל, נ“‟*
אהד למאה — [... לעמייע] דער. מצ נבּ.
< דבֿרי הימים א, יב, 15. איינס צו הונדערט.
געניצט מיטן בּ: אויף (צו) איין פּראָצענט.
„ער האָט אים געגעבּן דאָס געלט בּתּורת
הלוואה א, ל',..
אהד מאלף;
—ד מז פֿראַזע. < קהלהנ,
... מייעלע
לף, קאַל ווב. פּפֿ:

ז, 28. פּפֿ: א

אהד מני אל□ [... מיני.. □I, > איובֿ,

לג, 23. איינער פֿון טויזנט [אין קהלת: □אָדם אחד מאלף מצאתי, — ,,איין מאַן צווישן טויזנט האָבּ איך געפֿונען" (תּי) מיטן המשך: 'ואשה בּכל אלה לא מצאתי, — ,,אָבּער אַ פֿרוי צווישן די אַלע האָבּ איך ניט געפֿונען,,.. אין איובֿ: 'מליץ אחד מני אלף, — ,,אַ מליץ־יושר איינער פֿון טויזנט", תּי.]

1. אויסנעם, זעלטנקייט, יוצא־מן־הכּלל (געוויינ□עך לשבֿח, זעלטענער לגנאי). אַן אתרוג אַ מהודר, א, מ, א'. אַן אויסוואָרף, אַ כּלבֿ, א, מ, א'. ,,אַזו איז דשׂ (לשון) פֿון דשׂ (ספֿר) גאַר פֿרעמד אונ, (אחד מאלף) פֿר שטיט עשׂ,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743. ,,נאָר א, מני א, טרעפֿט זיך וואָס קומט אויף פֿון אַזאַ ערציאונג, איז דאָס טאַקע אין אמת אַ וואונדער", קמ 1866, No 47. ,,[וועגן] די מערדערישע מעשׂות וואָס פֿאַלן פֿאָר צווישן אונדז...געפֿינט זיך נישט קיין איינציקער מענטש, א, מני א', ער זאָל לכּל־הפּחות שרייַבּן וואָס די אויגן זעען", א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

2. זייער קליינער איבּערבּלייַבּ. נאָך די

נאַצישע שחיטות איז פֿאַרבליבן אַ קליין הײַפֿל,
א, מ, א'.

אהד מבּני ההבֿורה שמת — [... מיבּניי
האַכאַוואוראָ שעמיי▯] תּח. < שבּת, קו/א.
,שטאַרבּט איינער פֿון דער חבֿורה [סוף זאַץ:
תּדאג כל החבֿורה כולה = זאָל זאָרגן די
גאַנצע חבֿורה▯]. בּאַצייכנט גורל־שותּפֿות און
אַחדות צווישן אייגענע.

אהד(־)מי(־)יודע — [...... יוידייאַ]
פֿרעגזאַץ. אויך סובּ. < הגדה. איינס — ווער
ווייסט? 1. ערשטע ווערטער אין נאָמען פֿון
אַ ליד (זמר) בײַם סוף פֿון דער פּסחדיקער
הגדה. [דאָס ליד בּאַשטייט פֿון 13 פֿראַגעס
און ענטפֿערס, וואו איינס איז גאָט, צוויי
זײַנען די לוחות, דרײַ — די אָבֿות אאַזוו. בּײַ
יעדן ווײַטערדיקן ענטפֿער ווערן איבּערגעחזרט
אַלע פֿריִערדיקע אין פֿאַרקערטן סדר.] זינגען
א'־מ'־י'. האַלטן בּײַ א'־מ'־י'.

2. (ניצנדיק דאָס פּאָפּולערע ליד ווי אַ
פֿאָרמוסטער) אַ צאָל פֿאָלקסלידער און כלערליי
הומאָריסטישע פּאַראָדיעס, וואָס זיי אַלע הייבּן

זיך אָן מיט א׳־מ,־י, און מיט די ערשטע
ווערטער פֿון ענטפֿער: אחד אני יודע (= איינס
ווייס איך). למשל: ,,...איינס איז אַ ייִדענע,
ניט זי לעבט, ניט זי שוועבט, ניט אויפֿן
הימל, ניט אויף דער ערד...צוויי עקן אין אַ
שטעקן...דרײַ עקן אין אַ קרעפּל״... אאַזוו.
3. שפּאַסיק מיטן בּ: (איך) ווייס נאָר איינס.
,,העלפֿן העלפֿט מיר ניט דער יונג, א׳־מ׳־י,
— ער ווייס(ט) נאָר צו פֿרעסן״, רייד.
אהד מן השוק — [... מין האַשוק] פֿראַזע.
תּח. < שבֿועות, מט/א, רשי. 'איינער פֿון
גאַס'. געניצט מיטן בּ: יעדער איינער;
פֿאָלקסמענטש, פּשוטער בשׂר־ודם. וואָס זאָגט טאַקע
א, מ, ח,?
אהד מש(י□ שים — [... מישישים] דער.
מצ נבּ. תּח. < נדריס, לט/ב; בּבֿא מציעא,
ל/ב. איינס פֿון זעכציק. 1. אַ זעכציקסטל
פֿון עפּעס פֿון אַ צאָל פֿוול אויפֿן סמך פֿון
, .
דער גמרא: ,,דער מבֿקר־חולה נעמט אַוועק
[בּײַם קראַנקן] א, מ, פֿון זײַן קרענק,,. 2. אַ
בּיסל, אַ טראָפּן. ,,אַצינד וועל איך אײַך נאָר
שאַרפֿן דעם אַפּעטיט מיט אַן א, מ, פֿון

גןעדן,,, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.

אהד משלנו — [... מישעלאָנו] דער. בּא.
< לויט בּראשית רבּה, כבּ, א. איינער פֿון אונדזעריקע, אַן אונדזעריקער. ווער עס געהערט צו דער זעלבּיקער גרופּע, כּיתּה, חבֿרותא. ,,איר קאָנט רעדן פֿראַנק און פֿרײַ, ער איז אַן א, מ"“, רייד. ,,זינט ער איז אַראָפּ פֿון דער מדרגה האָט ער זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד, אָנגעהויבּן פֿאָרן צום רבּין, געוואָרן אַ חסיד, אַן אמתער א, מ,,,, רייד.

אהד פּעם — [... פּאַא□] מיי. קאַל ווב. (אין פֿאַרשטעלטן לשון און פֿאַרגרײַזט) איין מאָל.

אהדשה“ט — ר,,ת פֿון: אַחר(י) דרישת שלומו הטובֿ. ניט געניצט בּעל־פּה. געניצט אין בּריוו, געשריבּן געקירצט אַנשטאָט זיו נאָכצופֿרעגן מיט מער פּרטים וועגן געזונט.

אהדש“ת — ר,,ת פֿון: אַחר(י) דרישת שלום תּורתו (אָדער תּפֿארתּו). ← דפֿוו. געשריבּן געקירצט ווי אַן אויסדרוק פֿון גרויסן דרך־ארץ אין אַ בּריוו צו אַ רבֿ, אַ געלערנטן.

אַהווה — [אַכ(אַ)ווע] די. מצ. נבּ. פּפֿ: אהוה.
< זכריה, יא, 14. קאַל ווב. 1. בּרידערשאַפֿט. פֿרײַנדשאַפֿט. ,,זיי לעבּן צווישן זיך אין אַ, און אַהבֿה,,. ,,בּעט דיך נאָך איין מאָל, ווערשׂט

נוהג אחוה זײַן [מיט] משה און, מיר כּ,,ר
[= כעת ראשון — בײַ ערשטער געלעגנהייט]
שרײַבן מה טיבֿתו והנהגתו,,, פּראָגבֿ, 18.
2. נאָמען פֿון אַ צאָל קאָאָפּעראַטיוון,
הילףגעזעלשאַפֿטן, חבֿרות אע. ,,עס איז אַן 'אַחווה',
אַ מין הקדמה צו אַ קבֿוצה...חלוצים וואָס
אַרבעטן בײַ די קאָלאָניסטן און גרייטן זיך
צו אַן אייגענער ווירטשאַפֿט און אַ קבֿוצה'',
קאָר III.
אהוז בּזה — וגם מזה אַל תּנח את ידך
[עכאָ'ז באָזע, וועגאַ'ם מיזע, אַל טאַנאַך עס
יאָדעכאָ] זאַץ. תּח. < לויט קהלת, ז, 18.
האַלט זיך בײַ דעם, און אויך פֿון דעם,
אַנדערן זאָלסטו ניט אָפּלאָזן דײַן האַנט'.
געניצט מיט בּבֿ: 1. ס'אָן ניט שאַטן (ס'איז

אָהור

--

געוואונטשן) זיך צו האַלטן בײַ ביידע מנהגים,
שיטות, מעטאָדן. 2. טו אי דאָס, אי יענס,
ווײַל איינס איז נישט מוציא דאָס צווייטע.
,,כאָטש לגמרי אָפּלאָזן האָט ער אויך נישט
געוואָלט, אַזוי ווי עס שטייט: אחוז...,,, איק,

30 XI 1964. “א, בּ, — לערן לימודי־חול
'וגם מזה, — אויך פֿון לימודי־קודש 'אַל
תּנח את ידך',. ,,א, בּ, — אַ יום תּהילים איז
ניט שלעכט 'וגם מזה', פֿון אַ בלאַט גמרא
□אל תּנח את ידך',, — קאָן מען אויך □ □
י□

פּיפּעטש ניט קריגן,,, ווערטל. אהז את ההבּ
בּשני ראשיו, < דבֿרים רבּה, ז, יא
= האַלט דעם שטריק פֿאַר בּיידע עקן.
אָהוזה — די, ־זות. < בּראשית, יז, 8, אאַ.
גוט. אייגנטום. אימעניע. האָבּן אַ גרויסע אַ'.
אַהוזת־עולם — < דאָרטן, אייבּיק
אייגנטום, בּאַשטענדיקער פֿאַרמעגן. ניטאָ קיין אַ'־ע'.
□
אַהוזת־קבר — < בּראשית, כג, 4.
משפּחהקבֿר.
אַהוזים — [אַכוזים] די. < יחזקאל, מא, 6.
'אָנגעהאַלטענע', ,אָנגעכאַפּטע'. (סוחריש):
פּראָצענטער. שטעלן אויף 10 אַ, רווח. ,,איר מעגט
אַראָפּלאָזן עטלעכע אַ', איר פֿאַרדינט גענוג“,
רייד.
אַהו'ן — ראָשי־תּיבֿות פֿון: אַחורי נהר [
הינטערן טײַך]. אַזוי האָט מען גערופֿן די פֿאָר

שטאָט אין גראָדנע וואָס איז געווען אויף
דער צווייטער זײַט ניעמאַן.

אַהדץ — [אַכ'וץ] 1. פּרעפּ. חוץ, מחוץ. אויסער. מיטן אויסנעם פֿון. געניצט אויסצוטיילן איינעם פֿון אַ גרופּע, איין זאַך פֿון אַ צאָל גלײַכע אָדער ענלעכע זאַכן. אַ, אים (איר) ווייסן עס אַלע. "אַלע(,) אַ, מײַן שוועסטער(,) זײַנען געגאַנגען אין טעאַטער". ,,איר קאָנט צונעמען אַלע בּיכער, אַ, אָט דעם ספֿר,,. ,,ער אַרבּעט אַ גאַנצע וואָו אַ, שבּת,,. — ,,וואָס מאַכט איר? — אַ, פּרנסה, אַ, געזונט (און אַ, נחת פֿון קינדער) איז אַלץ ווי עס בּאַדאַרף צו זײַן,,, רייד. ,,וואָס דאָס קינד... האָט איבּערגעטראָגן...האָט ניט געוואוסט קיין בּן־אָדם אַ, מיר,,, שע, טבֿיה.

2. אַדוו. מיטן אויסנעם. חוצדעם (וואָס), אויסער דעם (וואָס, ווי, ווען). ,,מע האַלט אים פֿאַר אַ חכם, אַ, ווען ער רעדט,,. ,,אַ טוץ — און דאָס עפּעלע אַ',,, שוו (וועגן וואָלוועלער סחורה וואָס מע וויל אַרויספּטרן). ,,ער איז געגאַנגען צו דער חבֿרה־קדישא...האָט מען בּײַ אים געוואָלט 10 רו,,כּ און די שמשׂים זייערע אַ, 9 רו,,כּ", קמ 23 1870, No. ,,אַ, וואָס דאָרטן ליגן זייערע אָבֿות אבֿותיהם,,, שע.

אַהוצלעך — אַדי. זן. אויסנאַמיק,
אויסנעמלעך. וואָס איז אַ יוצא־מן־הכּלל (לשבֿח און לגנאי). „וועגן חתן גופֿא איז דאָך שוין גאָר קיין רייד ניט געווען, אַז ער איז אַן אַ'ע זאַו“, יכּנה“ז, ייִפֿאָל, 5 1890, No.

אָהור — [אָ'כע] דער, ־ס. < פֿון לק, אַדוו. בּראשית, מט, 17. הינטן. הינטערחלק. געזעס. 1. אַרכ. אייפֿ, לשון נקיה. „ווען איינער זײַן צורך טוט...זאָל ער זיך זעצן מיט זײַנם אָ, צום מזרח אודר צו מערבֿ צו“, ה, מח/א. „אונ, ער האָט גישלאגן גוט [= גאָ] זײַני

אַהןדי הפּרגוד

ליידיקר אין אָ, אַרײַן„, סהמ, תּהלים, עח, 66.
„ער גינג [דער יהוד] און ווישט זײַן אָ, אָן דער נאָז פֿון פּעור“, צאינה, בלק. אָ, וקדם פֿון דער פֿאָדערשטער זײַט און דער הינ־־־־.

טערשטער.
2 דז אָבער שוין אומאיידל גראָבֿלעך (הגם נישט וואול). „צו לערנען דאַרף מען

וואָס מער אָ',, [= מע דאַרף האָבן זיצפֿלייש,
קאָנען אַ סך אויסזיצן און איַנחזרן]; ,,צו אַ
גוטן קאָפּ מוז מען האָבן אַ גוטן אָ'“; ,,מיטן
אָ, בויט מען ניט דעם בית־המקדש“ [= מע
דאַרף שׂכל, קענטעניש]ן, שוו. ,,ער איז רײַך
— ער האָט אַ פֿולן אָ, מיט האָר“ פֿוול. ,,הלוך
,
ילך ובֿכה —־ עס טוט אים ווײ, כּואבֿ לו
דער אָ',,, ווערטל [פֿון חדר־לעבן]. *באַקומען
אַן אָ, = ווערן זייער דיק, מיט אַן
אַראָפּהענגענדיקן הינטן. באַקומען, קריגן א י ן (אויך:
אַן) אָ, = קריגן געשמיסן אין הינטן. ער
האָט באַקומען אין (אַן) אָ, פֿון טאַטן (רבין).
*ג ע ב ן דעם אָ, = אַ) זיך לאָזן שמײַסן;
ב) גראָבֿ. אויסשטעלן אים צו קושן, צו לעקן.
*ד ע ר ל אַ נ ג ע ן דעם אָ, = אַזוי ווי געבן.
*לעקן דעם אָ, = חנפֿענען אויף אַ מיאוסן
אופֿן, זיך דערנידעריקן. *ש מ ע ק ן מיט אָ,
= זײַן אין סכּנה געשמיסן אָדער בכלל
באַשטראָפֿט צו ווערן אויף אַ מיאוסן אופֿן. ,,דו
האָסט פֿאַרשטאַנען אַז אַזאַ מעשׂה שמעקט
מיט אָ', האָסטו...אָנגעשריבן דער רוח ווייסט
וואָס“, ייִפֿאָל, 3 1886, No. ,,געוויינען פֿון
חדרייִנגלעך, וואָס שטייען מיט די הוילע

אָ'ס,,, יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. ,,איך
האָבֿ אויפֿגעהויבֿן דעם צעקאַטעוועטן אָ',
אָפּגעטרייסלט זיך און אַרויפֿגעשלעפּט די הויזן
צוריק□, הל.
3. הינטערחלק בײַ (פֿון) אַ פֿויגל. ל2. די
אײַנקויפֿערין האָט בּאַטאַפּט דעם אָ, פֿון עוף.
אַהורי הפּרגוד — [אַכוירײַ האַפּאַרגאָד (גו□)]
פֿראַזע. תּח. < חגיגה, טו/א. ,הינטערן
פֿאָרהאַנג'. געוויינלעך: מאהורי הפּרגוד.
געניצט מיטן בֿ: הינטער די קוליסן;
פֿאַרטרוילעכע, זיכערע, אויטאָריטאַטיווע קוואַלן, קרײַזן.
בּסוד. ,,דער פֿאָרשלאָג האָט קנאַפּע שאַנסן
דורכצוגיין, אָבֿער אַ, ה, האַלט מען אַז ער
וועט מסתּמא אָנגענומען ווערן,,, טמז, 1965 □י2 I.
,,כ'האָבֿ געהערט אַ, ה, אַז ער זאָגט זיך אָפּ
פֿון זײַן אונדזער יושבֿ־ראָש,,, רייד.
אַהורי הרי הושך — [... האָרײַ כוישעך]
פֿראַזע. תּח. < תּמיד, לבֿ/ב. 'הינטער די
בּערג פֿון פֿינצטערניש'. געניצט מיטן בֿ:
ערגעץ ווײַט, אין אומבּאַקאַנטע מקומות. ,,דער
מאַן איז אַוועק אַ, ה, ח, און זי איז נעבֿעך
געבֿליבֿן אַן עגונה“.
אַהורײ־השער — [... האַשאַאַר] אַדוו פֿראָזע.

צבֿ [פּאַראַלעל צו ,אַחורי המשכּן', שמות, כו, 12] ,הינטערן טויער'. געניצט מיטן בּ: מחוץ לעיר, הינטער דער שטאָט. □ איך האָבֿ שוין די בּעסטע פּלעטן אויסגעטיילט, אַלזאָ מוזט איר מיט ליבֿ אָננעמען אַ פּלעט צו איינעם אַ געמיינעם מענטשן און דאָס אויך אַ־ה,,,, אמד, דער פּלעט אויף שבּת, ווילנע 1872. ־ניק — ייִד וואָס וואוינט הינטער דער שטאָט.

850

אהוריים — [אַכאָראַיִם] < אור החיים, אויפֿן סמך פֿון שמות, לג, 23. 1. אָן אַרטיקל. בּאַגריף אין קבּלה. אומדירעקטע, שוואַכערע השפּעה פֿון געטלעכקייט [מיט אַן ערך אַזאַ אויסטײַטש: גאָט איז אין דער בּחינה פֿון משפּיע, אין דער בּחינה פֿון זכר, דוכרא; ייִדן — אין דער בּחינה פֿון מושפּע, אין דער בּחינה פֿון נקבֿה, נוקבֿא. ווען ייִדן זײַנען פֿרום, קומט די השפּעה עליונה דירעקט, אין דער בּחינה פֿון פּנים־אַל־פּנים. ווען ייִדן זינדיקן — איז די השפּעה אין דער בּחינה פֿון פּנים־אַל־א', אָדער פּשוט אין דער בּחינה (פֿון)

אַ]. „אַלץ וואָס איז ניט בטל צו אים יתבּרך
איז ניט מקבּל חיות פֿון דער געטלעכער...
הייליקייט, נאָר פֿון דער בּחינה פֿון א, (וואָס
מע גיט אומגעוואונטשן)„, תּניא, מ. „א, מיינט
אַזוי ווי אַ מענטש וואָס גיט אַ זאַך זײַנעם
אַ שׂונא נישט ווילנדיק,...ער קערט אָפּ זײַן
פּנים פֿון אים, ווײַל ער האָט אים פֿײַנט“,
תּניא, נד. א, פֿון חכמה, א, דאחוריים.
2. דער. דזוו אָחור, נאָר אַ בּיסל איידעלער.
אָנשמײַסן אין א'.

אָהורל — [אָכ'ער I דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון אָחור
(←). דרייען מיטן אָ'. „אַן אָ, לכּבוד שבּת
געפֿאַרבּט געל און גרין ייִבנס אויפֿן לײַב
פֿון די שמיץ] און זונטיק אָן אַ תּירוץ גיי
ווײַטער אַהין [= אין חד]“, אל, קליין ווערטל.

אָהור־פּנים — [אָכער־פּאָני] מין? מויִ.
גנבֿים־לשון. אַווע יI. דזוו אָחור.

אָהותי — [אַכויסי] די. מצ נבֿ. < בּראשית,
יבֿ, 13. קאַל ווב. מײַן שוועסטער.
געוויינלעך מיט בּיטול. ”כ'האָב צו זינגען און צו
זאָגן פֿון דער אַ, מײַנער“. „די אַ, מײַנע, די
צאַצקע פֿאַרשוואַרצט מיר דאָס פּנים, זי
שלאָנ,

דערט זיך שוין אַרום מיט אַ פֿרישן יאָלד“.
פֿרגל אָחי.
אָהות לצרה — [אָכויס לייצאַראָ] די. מצ נבֿ.
פּאַראַלעל צו (ו)אָח לצרה ←. אַ שוועסטער
אין נויט. „זיי דאַרפֿן אַוודאי אין זינען האָבּן
צ□,
ז — ר„ת פֿון: אחר זאת, אַחרי זח, אחר
שטיצן זייערס אַן אָ, ל'„, טמז, 2 1960 I.
א□
זמן. אין פּבּ פֿון תּח.
אהטאָ ואָשובֿ — [עכטאָ וועאָשווו] פֿראַזע.
תּח. < יומא, פּה/ב. (ווען איינער זאָגט)
'איך וועל (איצט) זינדיקן און (דערנאָך) וועל
איך תּשובֿה טאָן, [צווייטע העלפֿט: 'אין
מספּיקין בּידו לעשׂות תּשובֿה, — גיט מען אים
ניט (פֿון הימל) די געלעגנהייט צו טאָן תּשובֿה.
בּרטנורא טײַטשט: דאָס איז גילטיק נאָר ווען
אַ מענטש טוט צוויי מאָל די עבֿירה, ווײַל
דעמאָלט בּאַטראַכט ער זי שוין ווי אַ זאַך
וואָס מע מעג טאָן, מועד קטן, כז/ב].
געניצט מיטן בּ: ניט זײַן אויפֿריכטיק מיט
תּשובֿה. „אַזוי ווי דער רשע וואָס וויל ניט
טאָן תּשובֿה שלימה [און זאָגט] א, ו'„, פּוקח
עורים, שקלאָוו 1832. „וועל איך...חרטה

קריגן, קלאַפּן זיך אין האַרצן אַרײַן על־חטא... און — װעל װײַטער שרײַבן! װעט זײַן א, ו, — אַ דאגה איו האָב!“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „א, ו, — בּיסטו לעת־עתּה טאַקע חשובֿ“, צײַט III, 'חד גדיא'.

אַהיזה

-

אהטא ◌ װאָשוכניק — דער, ־עס. ← דפֿוו. מיט ביטול. נישט־אויפֿריכטיקער בעל־תּשובֿה. װער עס מיינט אַז שפּעטערדיקע תּשובֿה קאָן באַרעכטיקן אַ לכתּחילהדיקע עבֿירה. „אויך די פּאַרטייאישע א'־ו'עס װאָס באַלד אויף צומאָרגנס נאָכן ערשטן מײַ פֿאַרגעסן זיי דעם אַחדות־רופֿנדיקן יום־טובֿ„, היימיש. „שוין איינמאָל אַ בעל־תּשובֿה: הײַנט אַן אחטאָניק, מאָרגן — אַן אָשובֿניק“, רייד.

אהטא ויום הכיפּורים מכפּר — [... װעיאָ'ם האַקיפּורים מעכאַפּע ◌] זאַץ. תּח. < יומא,

פּה/ב, 'איך וועל זינדיקן און יום־כּיפּור וועט מכפּר זײַן, [אין אַזאַ פֿאַל איז יום־כּפּור ניט מכפּ▯] ▯

אָהי — [אָ'כי] דער. מצ נבֿ. 1. 'מײַן ברודער'. געוויינלעך מיט ביטול [אויפֿן סמך פֿון רשיס טײַטש אויף בּראשית, לבֿ, 12: ,,מיד אָחי מיד עשׂו,,, אָחי — מײַן בּרודער וואָס פֿירט זיך מיט מיר ווי אַן עשׂו4 ,,דער אָ, מײַנער, דער תּכשיט, שוין איינמאָל אַ מזיק!,,. 2. אין פֿאַרשטעלטן לשון (כּדי אַ ניט־ייִד זאָל ניט פֿאַרשטיין). ,,רעד ניט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דײַן אָ',,, שע, מאָטל... [ניט רעכענענדיק זיך מיט דער העבּרעאישער פֿאָרעם פֿון הכּנוי▯].

אהיאָסף — [אַכיאָסאָף] דער ▯ נאָמען פֿון פֿאַרלאַג, געגרינדעט אין וואַרשע 1893. האָט אַרויסגעגעבּן דעם חודש־זשורנאַל ,,השלוח,,, וואָכנשריפֿט ,,הדור,,, דעם צווייוועכנטלעכן (1899) און שפּעטער (1900) וועכנטלעכן ,,דער יוד“, דאָס וואָכנבּלאַט ,,די ייִדישע פֿאַמיליע,, (1905) און צוועלף יאָרבּיכער (1894—1905).

אַהידה — [אַ'כידאָ] די. מצ נבֿ. < מגילה, ו/א. איינס, מאָסאיינס, מעסטאיינס. ,,דער מרחק וואָס אַ ליכטשטראַל לויפֿט אָפּ אין אַ

יאָר אַן א, (איינצלמאָס),,, אַמעריקאַנער, 26 ▯ 1959 I.

אַהי ורעי — [אַ'כאַי ווער'ייִאיַי] תּה. < תּהליס, קכב, 8. 'מײַנע בּרידער און מײַנע פֿרײַנד,. ,,אַלע זאָלן מיך הערן, אַ, ו,,,, לאַט, מאַמאָן.

אַהיזה — [אַכ'יזע] די, ־זות. < מועד קטן, כב/ב; בּבֿא מציעא, צא/א אאַ. 1. האַפּט, ממשות. יש. אַ פֿאַנטאַזיע וואָס האָט קיין אַ, ניט. ,,חומר אָן נשמה איז דאָך גאָרנישט. דער חומר האָט נאָר אַן אַ, אין דער נשמה הקדושה“, מ. דאַווידזאָן, דער ליִעוועך רבּי. ,,אָן די געהעריקע מקורים האָבּן [די קאַפּיטלען] נישט קיין אַ,,,, ייִבֿל 301 ,II ▯ XI. ,,אָבּער אַפֿילו די געניאַלסטע אימיטירונגס־ליטעראַטור האָט ניט קיין אַ',,, ק. כּצנלסון, היימיש, סיוןתּמוז תּשכ,,א.

2. שורש, עיקר. די אַ, פֿון אַ מענטשנס איך, כאַראַקטער. ,,איטלכר גינג זײַן אַ, נאָך: יעקבֿ צו דער קדושה אין בּית־מדרש אַרײַן לערנין אונ, עשׂו...אויף דען פֿעלד,,, נצ1, לא/ב. ,,אַפֿילו די העכסטע מדרגה פֿון חכמה קען האָבּן אַן אַ, בּכלי,,, לדבּ, קלח.

3. אָנהאַלט, אָנשפּאַר. אַן אַ, אין לעבּעדיקע פֿאַקטן. ער האָט אַן אַ, צו זײַנע רייד. ,,זעט

איר דאָך שוין באַשײמפּערלעך אַז די קליפּה
מוז האָבן אין עפּעס אַן אַ'...לאָז זײַן...אַ

אַהיזת־עיניס

קראַנקע ייִדענע אָבי אַ שטיקל אַ,“, ייִל,
פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. ,,זײַנע
קינסטלערישע אויגן מוזן האָבן עפּעס צום אָנטאַפּן,
זיי מוזן האָבן אַ װעלכע עס איז אַ,“, מוק,
טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. ,,קלאַמערט ער
זיך מיט אַלע כּוחות אָן יעדן שטרויעלע וואָס
קאָן אים דינען ווי אַ שטיקל אַ'“, גרינ,
מענטשן און ווערטן. ,,די וויזע — זײַן
איינציקע תּרופֿה, זײַן לעצטע אַ,,,, צײַט, גש I.
4 פֿאַרוואָרצלטקייט. ,,דרום ווײַל ער דען

.

רעה האָט גיזעצט דריבער און, האָט איין אַ,
דראָן ביקומן,,, נצ1, מו/ג. ,,,...נאָך זײַן מדרגה
נאָך, ווי זײַן נשמה אַן אַ, האָט אין װעלכע
מידה טובֿה,,, נצ2, ח/ד. ,,דער וואָס שפּײַזט
זײַן חבֿר, וואָס ער איז הונגעריק דער האָט
אַן אַ, אין דעם עץ־החיים,,, נוצ, קמד/א. ,,דער
קוואַדראַט און...דער עיגול...מיט דרײַצן אַ'זות
איז איינער געהאַלטן אָן צווייטן“, צײַט, מטטרון.

אַהיזת־עינים — [אַכיזאַס אײנאַיִם] דער, ־ס.
< סנהדרין, סז/ב; חולין, נז/א. □ אויגן־
פֿאַרבלענדעניש, (דורך פֿלינקע באַוועגונגען כּדי דעם
צוקוקער זאָל זיך עפּעס אויסדאַכטן). 1.
קונצנמאַכערײַ. האָקוס־פּאָקוס. [די משנה (סנהדרין,
ז, יא) לערנט אַז פֿאַר בּישוף־מאַכערײַ קומט
סקילה, אָבער פֿאַר קונצנמאַכערײַ, פֿאַר אַ'־ע,
איז מען פּטור פֿון שטראָף □] „אַ'־ע, איז...
פּשוט אַ מין קונץ אַזאַ וואָס אײנער קען עס
און וואָס דער אַנדערער קען עס נישט„, יד,
זכרונות און בילדער, וואַרשע [יאָר?]. „— ס'איז
ניטאָ אַזאַ זאַך ווי כּישוף, ס'איז אַ'־ע'. —
וואָס איז דאָס? — אַ,־ע', אַ פֿאַרבלענדעניש,
אַ מין אָפּנאַרערײַ. אַזוי זאָגט דער רמבּם“,
שלמה סײמאָן, צווײגן.
2. יעדער מין אָפּנאַרערײַ. שווינדל.
פֿאַרפֿירעניש. „די גאַנצע מעשׂה איז נאָר געווען
אַ'־ע, פֿון די מאָנאַרכיסטן אום צו רעקלאַמירן
דעם יורש„, ייִפֿאָל, 8 1890, No. „און די
מינים מופֿתים...אָן די אַלע מאָשענסטוועס —
זענען גלאַט לויטער שווינדל און אַ'־ע'„, ייִל,
פּוילישע יונגל, אַדעס 1895.
אהים — [אַכים & אָכים] די. מצ. < בּראשית,
מב, 32 אאַ. ‚בּרידער'. 1. געוויינלעך געניצט

פֿון זײַטיקע מיט ביטול. „אַז אָך און וויי צו די א,“. 2. געזונטע, שטאַרקע, מגושמדיקע ברווער. אַ פּאָר א, מיט אמתע ידים. 3. נייטראַל, בײַם אָנרופֿן אַ נאָמען פֿון אַ מעשׂה, בײַם סטיליזירן. אַ מעשׂה מיט ג, א'. „האָבן אַלע א, זיך אויפֿגעהויבן און אַוועק קיין אַמעריקע„. 4. פֿאַרגויאישטע קאַנטאָניסטן, צוריקגעקומענע אין אַ ייִדישער קהילה נאָכן אָפּדינען אין דער צאַרישער אַרמיי. יהל, די אומבאַקאַנטע פֿאַרליבטע, וואַרשע 1901. אויך: א, בצרה, א, לצרה — → אָח לצרה.

אַהים אַנהנו — [... אַנאַכנו] זאָץ. < בראשית, מב, 13. [די ווערטער אַרויסגערעדט צוזאַמען, הגם אין חומש איז אַן אָפּשטעל צווישן זיי. קען אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ קירצונג פֿון אַנשים אַחים אַנחנו →.] 'מיר זײַנען ברידער'. געניצט מיט בב: מיר זײַנען גוטע פֿרײַנד, חבֿרים, געהערן צו דער זעלביקער חבֿרה, גרופּע אע.

851

אַהיס ואַהיות — [... וואַאַכאָיויס] פֿראַזע. צב. 'ברידער און שוועסטער'. „ס'איז נישט גלײַך

די אַהבֿה פֿון אָבֿ ואם צו בּנים ובֿנות צו
דער אַהבֿה פֿון אַ, ו"", לדבּ, קנג.
אָהינו אַתּה — [אָכינו אַטאָ] זאַץ. צבּ. < סוטה,
מא/א. 'אונדזער בּררו.ער בּיסטו,. געניצט ווי
אַן אויסדרוק פֿון: 1. ליבּשאַפֿט, נאָענטשאַפֿט,
קרובֿישאַפֿט ‟בּיסט מומע צירלס אַן אייגענער,
איז אָ, אַ'". „טײַערינקער, אָ, אַ', כ'וועל דיר
העלפֿן,,. 2. חבֿרשאַפֿט, אָנגעהעריקייט צו דער
זעלבּיקער גרופּע. „דאַרפֿסט זיך בּאַטראַכטן
ווי אַן אחד משלנו, אַן אונדזעריקער, אָ אַ'!,,.
,

„מיט איינעם וואָרט: אָ, אַ, — אַ נאַש בּראַט",
שע, 'אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט'. 3. דזוו בּיסט
דאָך אַ ייִד! „האָבּ ניט קיין מורא, קינד מײַנס,
אָ, אַ',,. „הייסט דאָס — אָ, אַ', קומט דאָך
אײַך על־פּי דין שלום־עליכם", שע, ,עס פֿידלט
נישט'.
אַהינו בּני ישׂראל — [אַכיינו בּניי ייִסראָע]
פֿראַזע. צבּ. אויפֿן סמך פֿון אַחינו כּל
בּית,
ישׂראל, אין „יהי רצון" נאָך שחרית. ,
אונדזערע בּרידער די קינדער פֿון ישׂראל,. בּבּ: ייִדן;

בּרידער ייִדן; אונדזערע ייִדן; אונדזערע בּרידער ייִדן. 1. אויסדרוק פֿון נשמהדיקער פֿאַרבּרידערונג מיט אַלע ייִדן איבּער דער וועלט. גענוצט אָפֿט בּײַם רעדן צו אַן עולם. „אַ, בּ, י,, טוט תּשובֿה!„; “אַ, בּ, י', לאָמיר ראַטעווען אונדזערע לעבּנס!„; „אַ, בּ, י', געדענקט אַשר עשׂה לנו עמלק — די נאַציס ימח שמם וזכרם!„; „אַ, בּ, י,, אַנטלויפֿט ◻ אַניט וועט איר גיין אין אויוון אַרײַן!„. „דער רבּש„ע זאָרגט שוין פֿאַר אַחבּ„י ס'זאָל זיי ניט פֿעלן קיין צרות„, פֿוול. „איר זענט אויסגעווען אין אַלע ייִדישע שטעטלעך און האָט זיך צוגעקוקט צום לעבּן פֿון אַ, בּ, י'„, ממוס, שטורעמצײַט. „אַ, בּ, י, מוזן אָנהייבּן קלערן וועגן עמיגראַציע„, פּינסקער שטאָט־לוח, 1903. „ער הייבּט אַן צו דרשענען קעגן אַ, בּ, י'“, פּרץ, בּילדער און סקיצן. „קיינער איז ניט געווען אַזוי נערוועז, אויפֿגערעגט ווי אונדזערע אַ, בּ, י'„, שע. 2. זן גענוצט אויך לגנאי, מיט איר, בּיטול. „אַז ער האַנדלט מיט אַ, בּ, י, איז ער אַ תּקיף“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „ס'איז ניט קיין חידוש: ער איז פֿון אַ, בּ, י', שטופּט ער זיך אומעטום“, רייד.

אָהינו הוא — [אָכינו הו] זאַץ. < שופֿטים,

ט, 3. אויך קירצונג פֿון 'אָחינו בשׂרנו הוא',
בּראשית, לז, 27. ,ער איז אונדזער בּרודער'.
פֿרגל אָחינו אַתּה. ער איז אונדזער פֿרײַנד,
קרובֿ, חבֿר. ער איז אַ ייִד. ,,אָ, ה, — טשעפּע
אים ניט,,. ,,אָ, ה, — עס איז אַ מצווה אים
צו העלפֿן‘‘.

אהינו'ק — דער, ־עס. (גוטמוטיק, שפּאַסיק)
אונדזערער אַ בּרודער, אונדזערער אַ מענטש.
זיי זײַנען אמתע א'עס.

אַהיתדפֿל — [אַכיטויפֿל,...סויפֿל] < שמואל
בּ, טו, 12 אאַ. בּעל־יועץ פֿון דוד המלך.
איז צוגעשטאַנען צו אָבֿשלומען, ווען יענער האָט
געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד קעגן זײַן פֿאָטער.
אַ, האָט געשמט מיט זײַן קלוגשאַפֿט (שמואל
בּ, טז, 23). דערפֿון ק ל ו ג ווי אַ'. זײַן עצה

אה‘‘ס־בּט‘‘ע

--

— גלײַך איבּערפֿאַלן דודן איידער ער
בּאַווײַזט צו פֿאַרגרעסערן זײַן מחנה — האָט
אַבֿשלום ניט אָנגענומען. אַ, האָט
פֿאָרויסגעזען דעם דורכפֿאַל פֿון דער מרידה און
דעריבּער האָט ער זיך גענומען דאָס לעבּן.

דערפֿון: אַ'ס (מיאוסער) ס ו ף.
אה"כ — ר"ת פֿון: אַחר כּך (דערנאָך,
נאָכדעם). געניצט אין בּריוו פֿון תּח, סוחרים,
אין ספֿרים פֿרומע מעשׂה־בּיכלעך.

,

אָה לא ◻דה — יפֿדה — [אָך לוי פֿאָדוי
◻ (פֿאָדע) ייִפֿדע] < תּהלים, מט, 8. דאָרטן
קומט נאָך דאָס וואָרט 'איש'. בּ: אַ מענטש
קען ניט אויסקויפֿן זײַן בּרודער (פֿון טויט).
(אויך: אַך, קיינער קען זיך ניט אויסקויפֿן).
אויף דעם סמך (דורכלאָזנדיק דאָס לעצטע
וואָרט און מיט אַן אָפּשטעל צווישן 'פּדה,
און 'יפֿדה') אַ סוחריש און קרעמעריש
ווערטל: „אָ, ל, פּ, — י, — ווען אַ בּרודער
לייזט ניט, איז אַזוי גוט ווי ער אַליין וואָלט
געלייזט,,, יע, ייִשפּ I◻י2 ,X. [דה אַז דער
קאָנקורענט לייזט ניט, האָט ניט קיין פּדיון,
איז שוין גוט. דאָ שפּילט נאָך צו די
פֿאַרבּינדונג צווישן פּדה און פּדיון◻]
אָה להדוה — [אָך לאַכעדוואָ] דער. מצ נבּ.
צבּ. היפּוך פֿון אָח לצרה. אַ בּרודער צו
דער פֿרייד. נעניצט בּײַם בּאַגעגענען אַ גאַסט
וואָס קומט צו אַ שׂמחה. „בּרוך הבּאָ, איר

זײַט אַן אמתער אָ, ל',.. ,,מיט יעדן נײַ־
צוגעקומענעם מאָדערנעם ייִדן קומט...צו אַן אַ, ל',
וואָס מאַכט לײַכט דעם אויסלעבן זיך פֿון
דער ייִדישער נשמה,,, זשיט IX, נ,,י 1919.
אויך איר. ,,סקאָצל קומט, אַן אָ, ל', ווען
מיר זײַנען פֿאַרנומען איבערן קאָפּ“.
אָה לצרה — [אָך לייצאָרע] דער, ־ים [אַכים...].
פֿראַזע. < משלי, יז, 17. [דער פּסוק
ענדיקט זיך מיטן וואָרט יולד (ייִוואָלייד). תּי:
,,אין אַלע צײַטן איז אַ חבֿר אַ גוטער פֿרײַנד,
אָפּער פֿאַר אַ צרה איז אַ בּרודער געבאָרן“.]
1. חבֿר, פֿרײַנד, נאָענטער וואָס איז א י ן
דער זעלבּיקער צרה. ,,מיר גייען בּיידע אַרום
אָן אַ שטאָך אַרבּעט, מיר זײַנען אַ'ים ל,“,
דייד.
2. זײַטיקער, פֿרעמדער וואָס די זעלביקע
צרה(דיקע לאַגע) דערנענטערט, פֿאַרקניפּט.
געוועזענע שׂונאים און איצטער אַ'ים ל'.
3. קרובֿ, פֿרײַנד (אָדער אַפֿילו אַ זײַטיקע)
וואָס העלפֿט אין אַ שווערער שעה, אין אַ
שעתּהדחק. ,,וואו נעמט מען הײַנטיקע צײַטן אַן
אָ, ל'?“
4. אויסגעפּרוּווטער פֿרײַנד. ,,גראָד ווען באו
מים עד נפֿש איז מײַן חבֿר געווען אַן אמתער

אָ, ל׳״.
5 פֿאַרדרייטער אויסטײַטש: צו איין צרה
.
קומט צו אַ ברודער, דה אַ צווייטע צרה.
„אַ צרה קומט קיינמאָל ניט אַליין, פֿון
אונטער דער ערד וואַקסט אַרויס אַן אָ, ל׳„, רייד.
אויך: אָה בצרה.
אה״ס □ בט״ע — [אַכאַ׳ס־באַט׳אַ] > נ □ בת,
קד/א. פערמוטירטע קאָמבינאַציע פֿון
אַלפֿבית, וואָס לויט איר ווערן די צוויי און צוואַנציק

אַהר

אותיות אויסגעשטעלט אין דער לענג
גרופּעסווײַז אין זיבן דרײַ □ אותיותדיקע שורות

א	ח	ס
בֿ	ט	ע
ג	י	פֿ
ן	כ	צ
ה	ל	ק
ו	מ	ר
ז	נ	ש, ת

פֿון יעדער גרופּע מעג מען בײַטן איין אות
מיט די אַנדערע צוויי. „געהיימשריפֿטן אָדער

שיפֿער אַלפֿאַבעטן, ווי אח״ס־בט״ע, אַ„ל־בּ„ם,
-
אַ״תּ־בּ„ש אדגל, געניצט צוליבֿ
קאָנספּיראַציעטעמים אין דער תּנכישער און תּלמודישער
תּקופֿה און שפּעטער אויך פֿאַר דרוש־טעמים„,
ליפֿינער, פֿאַרגעטערטער כּתבֿ. „די ווערטער
איבֿערלייגן אויף אַ״תּ־בּ„ש, אַח״ס־בּט„ע״, ייִל,
פּוילישע יונגל, אַדעס 1895.
אַהר — [אַכער, אַ'כאַר] אַדוו & פּרעפּ אין לק.
< בּראשית, ט, 28 אאַ. 'נאָכדעם', נאָך. אין
ייִדיש ניט בּנמצא פֿאַר זיך, נאָר איז ערשטער
טייל פֿון אַ צאָל פֿראַזעס און אויסדרוקן:
אַ, אַכילה = נאָכן אָפּעסן.
אַ, דרישת שלום = נאָכן אויספֿרעגן
זיו וואָס מע מאַכט, ווי עס גייט. אָנגענומענער
אַ יִ.־נוסח אין בּריוו. אויך: אַ, דרישת
מ
ש ו הטו בּײַם שרײַבן צו אַ תּ):
יינפֿי

אַ, דרישת תורתו.
אַ, הושענות = נאָכן שלאָגן הושענות.
„אַ האַלבן קערבל גיט מען בעד די שול

אויסקערן אַ, ה'", קמ, 9 1867, No.
אַ, ההג = נאָך יום־טובֿ. „מיטן אַ, ה, פֿאַלט אָן אויף מיר אַ מרה־שחורה: פּרנסה נישטאָ, דירה־געלט און שׂכר־לימוד מוז מען צאָלן„, רייד. *ער איז שוין אַ, ה, = זײַנע גליקן האָבן אויסגערונען.
אַ'־ההיבור = סך־הכּל, סומע, סכום. אַ'־חה־ ור = איבערבלײַב, רעשט. אַ,־ל
= רעזולטאַט פֿון כּפֿלען, פּראָדוקט.
ים
ה י נ
אַ'־ההילוק = רעזולטאַט פֿון טיילן, טיילווערט, חלק. אַ'־ההשבון = רעזולטאַט פֿון גאַנצן חשבון. אויך באַלאַנס, אונטערשטע שורה. אָט די טערמינען אין מלאכת מחשבֿת, ווילנע 1874.
אַ'־הסעודה = נאָכן מאָלצײַט. „אָ'־ה, האָט מען געשמועסט אין לערנען„, רייד.
אַהר — [אַ'כער, אַכייר] דער, ־ס. < בּראשית, ד, 25 אאַ. 1. אַנדערער. קאַל ווב. זן. געוויינלעך אין פֿאַרשטעלטע רייד. „לאָז אים אָפּ, וועסט קריגן אַזאַ מציאה בײַ אַן אַ'", רייד.
2. קעמפֿערישער אַפּיקורס (געוויינלעך אַזאַ

וואָס איז אַ למדן, אַ קענער). [אויפֿן סמך פֿון דעם צונעמעניש וואָס מע האָט געגעבן דעם תּנא אלישע בן אבֿויה, רבי מאירס רבין, וואָס איז אַוועק פֿון די פּרושים, געווען משמעות אונטער דער השפּעה פֿון דער גריכישער קולטור, געלייקנט אין יע'נער־וועלט, אין שׂכר ועונש (חגיגה, טו/א אאַ.) ← אַרבעה שנכנסו לפּרדס.] „אויף אים קאָן אויך אַרויס אַ בּתקול און שרײַען: 'שובֿו בּנים שובֿבֿים חוץ מאַ'“, אַזאַ מענטשן וועט שוין גאָרנישט

העל852

פֿן „ דער יודישעך פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
„ס'וועט זיך געפֿינען אַן אַ, און עפּעס צולייגן, אַ ביסל צוזאַלצן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

3. מתּתיהו אַ, — פּסעוודאָנים פֿון דענקער און שרײַבער נתן בּירנבוים (1864־1937), וואָס האָט מיטגעהאָלפֿן אָרגאַניזירן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, שפּעטער פֿאַרשפּרייט די אידייען פֿון ייִדישיזם (זײַן טערמין) און געווען פֿאָרזיצער פֿון טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, 1908; נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך

צוגעווענדט צו טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט.
אַהר, — קירצונג פֿון אַחרון, אַחרונים.
אַהראָי — [אַכראָאי] דער, ים. תּח. < פּסחים,
-

צח/ב. ווער ס'טראָגט די אַחריות. „ר, ייִד,
איך בין פֿאַר אײַך ניט קיין אַ'„.
אַהר הדבֿרים האלה — [אַכאַר האַדוואָרים
האָאיילע] פֿראַזע. תּח. < בּראשית, כב, 1.
,נאָך די דאָזיקע געשעענישן (□.ד)'. געניצט
בײַם דערציילן אַ לענגערע מעשׂה, בײַם אַר□.
בערגיין פֿון איין עפּיזאָד צום צווייטן. „אַ, ה, ה,
איז דער בן־מלו אַרײַנגעפֿאַלן אין עצבֿות„.
אויך: אַהרי....
אַהר ההופּה — פֿראַזע. צבֿ. נאָך דער חופּה
(חתונה). „געצל האָט געגעבן אַ קוויטל: אַז
אַ יאָר אַ, ה, וועט ער אויסצאָלן אַזוי פֿיל
און אַזוי פֿיל„, פּרץ, 'דער מסור'. געניצט אויך
וואוילינגעריש, גראָב מיטן בּ: איז פֿאַרפֿאַלן,
אַרײַנגעפֿאַלן. אַ, ה, 'פּאָצאַלוי ווּדופּע, [= קוש
אין הינטן].
אַהר־המעשׂה — אַדוו. < בּבֿא מציעא, יז/א.
[דאָרטן: 'אַחר מעשׂה בית דין'. די
צונויפֿבינדונג אין אַן אַדוו און ה הידיעה — אייגענע

ייִדיש־שאַפֿונג.] נאָכדעם ווי די זאַך איז
געשען, נאָכדעם ווי עס האָט שוין פּאַסירט.
„אַ׳־ה, איז יעדערער אַ חכם“; „אַ׳־ה, — גיי
שרײַ חי־וקים„; „אַ,־ה, העלפֿט ניט קיין חרטה
(קיין געוויין)„; „אַ׳־ה, רופֿט מיך קנאַקניסל„;
„אַ׳־ה, קריגט מען אַ בײַכל„; „אַ׳־ה, שטייט
מען ניט אויף תּחית־המתים“; „אָ׳־ה,
אויסזאָגן פֿון חדר„ פֿוול. „וואָלטן מיר געקענט

,

קומען צו די פֿעלקער אַזוי צו זאָגן אַ׳־ה, און
געקענט ברענגען אַ מעמאָראַנדום וועגן...
אונ▯ר ▯ע“, זשיט ▯(I, נ“י 1919. זן אויך:
אַ
־מע ה.
דז

אַהרון — [אַ׳כרוין, ־רען] דער, ־ים [אַכרוי׳ני▯].
< ישעיה, ל, 8 אאַ. 1. ד ע ר וואָס מע
רופֿט צו דער תּורה פֿאַר מפֿטיר און אויך
די ע ל י ה. דזוו שבֿיעי. “יעמוד פּלוני בּן
פּלוני אַ׳„. אויפֿרופֿן אַ׳. קריגן, באַקומען,
געבן אַ׳. [שלישי ווערט אָנגענומען ווי די
בּכּבֿודיקסטע עליה, ש▯)שי ווי אַ 'פֿעטע, עליה,

רבֿיעי און חמישי ווי 'מאָגערע, עליות, אַ, איז
צווישן די בײדע קאַטעגאָריעס, און אין
אַנדערע מקומות אַ 'מאָגערע, אָדער אַפֿילו די
,מאָגערסטע, עליה.] ,,אַ, גיט מען בײַ אונדז
אַ הונט,, פֿוול [אַזוי זאָל האָבן געזאָגט אַן

,

אורח וואָס מע האָט אים אויפֿגערופֿן אַ,. —
,,בײַ אונדז אויך" — איז געווען דעם גבֿאיס
ענטפֿער.] ,,אַפֿילו דאָס שנײַדערשע קלײַזל האָט
אים קיינמאָל קיין רעכטע עליה ניט געגעבן,

אַהרונים

אויסער אַמאָל, על־פּי טעות, האָט מען אים
געגעבן אַ, און שׂמחת־תּורה...די הקפֿה ,עוזר
דלים"", אַר, 'אַבֿרהם דער שוסטער'. ,,איַ, איַ,

בּרידער! זענען מיר דאָס אַ בּיסל רודפֿי־כּבֿוד! ...זוכן דווקא שישי אָדער אַ',,, דער יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. ,,קליינע מחלוקת פֿלעגן תּמיד זײַן צווישן ייִדן: גבֿאות, שלישי, שישי, אַ, מפֿטיר...האָבן...געפֿירט צו קריג", ייִפֿאָל, 43 1882, No. "דער ראַטמאַן האָט אויפֿגערופֿן...יענעמס ייִנגל אַ, און פֿאַר דעם אַנדערן האָט ער געלאָזט מפֿטיר [איז געוואָרן אַ קריגער]",,, קמ, 17 1865, No.

2. לעצטער [אויפֿן סמך פֿון בּ1], דער וואָס קומט אָדער מע רופֿט אים צום לעצטן. ,,אַ, קומט דער אַנאַרכיסט", יהואָש, 'אַ דור הפֿלגה'.

3. ווער עס געהערט צו די פּוסקים אַחרונים, להיפּוך צו די פּוסקים ראשונים. ,,קען דען אַן אַ, פּסקענען אַנדערש ווי אַ ראשון?,,, רייד.

4. טייל פֿון אַ צאָל ווערטער און אויסדרוקן, ווי אַ'־של־פּסח, אַ אַ, חבֿיבֿ (←.), על ראשון —

ראשון ועל אַ, — אַ', דור אַ, אאַ.

אַהרון אַהר ו — קירצונג. ← דווו. גאָר צום לעצט, לסוף. אין סך־הכּל. ,,אַ'־אַ'־ געבּונדנקייט מיטן ציון־צענטער, כּדי זיך צו פֿאַרמעסטן אויפֿן גרויסן נס צו בּלײַבּן ייִדן אין

די תּפֿוצו□, ים, קוד, אָקט, 1964.

אַהרון אַהרון הבּיבֿ — [...... כאָווי□] זאַץ.
אויך סובֿ. תּח. < בּראשית רבּה, עח, 11;
רשי, בּראשית, לג, 2. ,,אַ לעצטער, אַ לעצטער
— ער איז אָבֿער ליבֿ (חשובֿ)'. דער גאָר
לעצטער איז דער בּאַליבּטסטער. ,,לעצטער,
לעצטער, אָבֿער ניט ווייניק געשעצטער,,, רייד.
[געניצט ווי אַן אויסדרוק פֿון דרך־ארץ אָדער
ליבשאַפֿט צו עמעצן וואָס קומט צום לעצטן
אין אַ ריי, סדר, אָבֿער איז דאָך אָנגעלייגט
אָדער חשובֿ. אויך צו פֿאַרגלעטן אַ
דעליקאַטע סיטואַציע, וואָס מע קאָן אויסטײַטשן ווי
אַ פּחיתת־הכּבֿוד.] ,,און איצט רוף איך צום
וואָרט דעם לעצטן רעדנער, אַ, אַ, ח''. ,,אַ, אַ, ח':
ספּעקטאָר בּאַשרײַבּט...אַז קבּצנים האָבּן אַמאָל
געמאַכט□ אַ שטרײַק'', פּרץ, נעדאַנק□ן און
אידייען. אַ, אַ, ל א ח, — ווען אַ געשעעניש
(אָדער אַ מענטש) וואָס קומט צום לעצט איז
ניט גינציק (ניט ליבֿ).

אַהרונים — [אַכרוינים] די. מצ פֿון אַחרון
בּ3. < בּראשית, לג, 2 אאַ. לעצטע. 1. לעצטע
פֿון אַ בּאַשטימטער אָפּגעשלאָסענער תּקופֿה
[אַזו□ ווערן חגי, זכריה, מלאכי בּאַטראַכט ווי

די אַ, צווישן די נבֿיאים; ר, אשי און שוין
אַבּיי און רבֿא האָבּן זיו בּאַטראַכט ווי די
אַ, צווישן די אַמוראָים אאַזוו. אַזוי אויך בּײַ
די מפֿרשים]. די אַ, פֿון דער גאָלדענער תּקופֿה
אין ספֿרד. „ניין, מיר האַלטן נאָך ניט בּײַ
אַ, אין דער גאָלדענער תּקופֿה פֿון דער
ייִדישער ליטעראַטור“, רייד.

2. ספּעצ. די מפֿרשים און פּוסקים וואָס
האָבּן געלעבּט אין די לעצטע יאָרהונדערטער.
[ר, יוסף קאַרו, מחבּר פֿון שולחן־ערוך ווערט
בּאַטראַכט ווי דער לעצטער פֿון די ראשונים.
אַזוי אַרום זײַנען די פּוסקים פֿון 19 ,.17., 18.
און 20. י„ה — די אַ'. די אויטאָריטעט און

אַהרון נכבּד

די חשיבֿות פֿון די אַ, איז קלענער ווי פֿון די
ראשונים. אָבּער אין אַ סך פֿאַלן בּלײַבּט
א י צ ט די הלכה אַזוי ווי עס פּסקענען די
אַ'. אָבּער יעדערער פֿון די אַ, וואָס פּסקנט
אַנדערש ווי אַ ראשון מוז האָבּן פֿאַר דעם
עיקרדיקע מאָטיוון, געוויינלעך זיך אָנשפּאַרנדיק
דירעקט אָדער אומדירעקט אויף אַן אַנדער
ראשון, אָדער מחמת אַ סיטואַציע וואָס איז

לחלוטין נײַ.] „נו, בּ„ה, מיט פֿלייש איז מען שוין פֿאַרזאָרגט איבּער די גרויסע חומרות פֿון די פּוסקים אַ, און די פֿאַרפֿלוכטע טאַקסע“, דער יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. „די אַלע תּקנות פֿון די אַ, וועגן אײַנטיילן די קדיש־זאָגערס אין פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס האָבּן ווייניק וואָס געהאָלפֿן„, יע, דאַוונען, וואַרשע תרע“ח.

3. ספֿרים פֿון אַן אַחרון (בּ3). „לעבּן דער גמרא האָט ער געהאַלטן אַ רמבּם, עטלעכע אַ, און געבּלעטערט אַלע ספֿרים מיטאַמאָל“, חג, טמז, 7 ׳ 1959 III.

4. אין וועלטלעכן זינען. לעצטע פֿאָרשערס. „וועל איך נאָר זאָגן די דעות פֿון די ׳, וואָס די לעצטע נאַטורפֿאָרשער האָבּן איבּער דעם געשריבּן„, אוריה קאַהן, קמ, 6 1866, No.

אַהרון נכבּד — [אַכרויו ניכבּאָד] זאַץ. דער (אַ) לעצטער איז דער (אַ) געשעצטער, געערטער. כּמעט דזוו אַחרון אַחרון חבֿיבֿ, נאָר דאָ ווערט אַרויסגעהויבּן בּלויז חשיבֿות. „דאָס לעצטע וואָרט קריגט אַ, נ׳, ר׳...“.

אַהרון ׳ שבּאַהרונים — [... שעבּעאַכרוי׳נים] 'לעצטער פֿון די לעצטע'. 1. איינער פֿוו די

גאָר שפּעטערדיקע אַחרונים. דער סאַמע לעצטער פּוסק.

2. (מיט ביטול) לעצטער שבּלעצטע; נידעריקער פֿון די נידעריקסטע, ווער עס איז פֿון געמיינסטן גראַד. „וואָס איז דאָ צו רעדן פֿון אַזאַ נפֿש, אַן אַ־ש'!“

אַהרון־של־פּסה — [... שעל פּעסאַך (פּייסעך)] דער. < סופֿריס, יח, ב. פּאַראַלעל צו אַחרון של חג, תּענית, ג/א. לעצטע אַכטער טאָג פֿון פּסח, פֿאַלט אויס כב ניסן [אַ'־ש'־פּ, איז מדבֿרי סופֿרים וואָס די חכמים האָבּן מתקן געווען. ווערט אָפּגעהיט בלויז אין די תּפֿוצות. איסור הספּד, תּענית און חיובֿ שׂמחה זײַנען אויך חל אויף אים, נאָר מיט דער קבֿורה פֿון אַ מת מעג מען זיך עוסק זײַן. ייִדן פֿון ארץ־ישׂראל וואָס קומען צײַטווײַליק קיין חוץ־לארץ דאַרפֿן נישט טאָן קיין שום מלאָכה בּפֿרהסיא. ייִדן פֿון די תּפֿוצות וואָס קומען קיין א„י, הגם זיי האָבּן נישט בּדעה דאָרטן צו בּלײַבּן, זײַנען זיך נוהג ווי אין א„י. אַ'־ש'־פּ, לאָזט מען אָפּ חומרות און חששות. אויבֿ מע געפֿינט אַפֿילו אַ כּזית חמץ פֿאַר, בּרענט מען עס אָן דער בּרכה 'על בּיעור'.

אַן אָפּגעקאָכטע הון, וואָס מע געפֿינט אין איר
אַ געשפּאָלטן ווייץ־קערנדל, מעג מען זי עסן
איסרו־חג און ס'האָט נישט דעם דין פֿון חמץ
שעבֿר עליו הפּסח. אויך ח ס י ד י ם עסן
אַ'־ש'־פּ, געבראָקטס, דאָס איז דער איינציקער
טאָג פֿון פּסח ווען מען עסט בײַ חסידים
קניידלעך, כרעמזלעך און אַ מצדד.ברײַ. מען

853

איז אויך געגאַנגען צו גאַסט, וואָס פֿון דעם
האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן די ערשטע זיבן
טעג פֿון פּסח.] „ס'איז הײַנט אַ'־ש'־פּ', אַ
שיינער, וואַרעמער וועסנעטאָג„, ממוס, שלמה.
„אַ'־ש'־פּ„, סוף סעודה, אַ פּאָגראָם־שטימונג„,
פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. [די ליובאַוויטשער
חסידים רופֿן זייער גרויסע סעודה ▯־ש'־פּ,
— משיחס סעודה▯]
אַהרי בּלותי — [אַכריי בּ(ע)לויסי] זאַץ. תּח.
< בּראשית, יח, 12 [ווײַטער אין פּסוק:
'היתה לי עדנה, — תּי: „זאָל איך נאָך האָבן
תּענוג?“]. 'נאָכדעם ווי איך בין אַלט געוואָרן'.
דזוו אויף דער עלטער. זיך צעבּליִען אַ, בּ'.
„ס'איז אַ, בּ, — און אַראָפּ פֿון מאַרק“.

*זײַן אין די אַ'־בּ'־יאָרן = זײַן אויסגעשפּילט,
ניט האָבּן מער קיין כּוחות. „איך בּין
דערעיקר אַ שטרײַמל־מאַכער...און אַ, בּ, פֿיל
איך ערשט וואָס איו קען“, פּרץ, „דאָס
שטרײַמל„. אַ, בּ'־עתּה? = אויף דער עלטער גאָו
אַלץ אַ יצר־הרע צו אַן אשה?
אַהרי בּצעם לבּם הולך — [... בּיצאָם ליבּאָם
הוילעך] זאַץ. תּח. < יחזקאל, לג, 31. „נאָך
זייער גײַציקייט גייט זייער האַרץ'. געניצט
מיטן בּ: זיי יאָגן זיך בּלויז נאָך געלט. „וואָס
איז דאָ צו רעדן וועגן די אָ גבֿירים? אַ, בּ,
ל, ה„,..
אַהריות — [אַכראַיעס] די (דאָס), ־ן. < מנחות,
קט/א; בּבֿא קמא, קיח/א אאַ. 1. פֿליכט און
געפֿיל פֿון פֿליכט; חיובֿ. ט ר אָ ג ן די אַ'.
איבּערנעמען די אַ'. אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די
אַ'. ניט האָבּן (פֿילן) קיין אַ'. זיך אָפּזאָגן
פֿון אַ'. טאָן עפּעס מיט (אָדער אָן) אַ'.
אַרבּעטן מיט אַ'. דורכפֿירו אַ שליחות מיט אַ'.
אַ צײַט פֿון גרויסע אַ'ן. אַ מענטש מיט (אָן)
אַ„. אויפֿן רבינס (טאַטנס אאַזוו) אַ'. „איך
בּין בּאַקאָנט...מיט דער גרויסער אַ', מיט
וועלכער זײַנע פֿליכטן זענען פֿאַרבּונדן„, גרינ,
בּלעטלעך פֿון אַ טאָגבּוך.

2. ספּעצ. געפֿיל פֿון פֿליכט וואָס דרינגט
אַרויס פֿון עטישע פּרינציפּן, באַזירט אויף
אײגענער אָדער אָנגענומענער מאָראַל. אַ, לגבי
מיטמענטשן. "דער טיף־מאָראַלישער אַ'־געפֿיל
מיט וועלכן זײַן גאַנצע פּאָעזיע איז
דורכגעדרונגען,,, שנ, ה. לייוויק. ,,אַ זין פֿון
ערבֿות פֿאַר ווערטער און טאַטן, / אַ, פֿאַר יעדן
קער און ווענד. / און זאָל איינער וואו די אַ,
פֿאַרראַטן — / וועט דער צווייטער ערגעץ
פֿאַרברעכן מיט די הענט", הל, ,צו אַ ווײַטן
פֿרײַנד'. ,,אַ מיינונג וועגן עטלעכע הויפּטפֿראַגן
פֿון גרויסער אַ'", לדבֿ, נ,,י תּשי,,ז. ,,עס איז
דאָ אַ וועלט־סיסטעם און אַ סדר...אַ סיסטעם
פֿון טיפֿער אַ, און רײַפֿער מענטשלעכקייט",
קאָר I. ,,דער וואָרעם וועמען ס'איז באַשערט
אין שטויב פֿון הפֿקר־טראָט צעטראָטן ווערן
— איז דײַן אַ' , הר, פֿאַרנאַכט.
3. ספּעצ. פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר
אַרויסזאָגונגען, מיינונגען. אַ, כּלפּי דעם אמת. אַ,
פֿאַר מײַנע (זײַנע) רייד. ,,די אַ, פֿאַר די
אַרויסגעזאָגטע מיינונגען טראָגן די מחבֿרים".
אַ, פֿאַרן ריכטיקן ציטירן. סבֿרות אָן
וויסנשאַפֿטלעכער אַ'. ,,דער דאָקטער קען ניט

נעאַהדיות

מען די וויסנשאַפֿטלעכע ▯ פֿאָרויסצוזאָגן, צי דער פּאַציענט וועט אים פֿאָלגן,,, זשיט III, נ,,י 1912.

4. געפֿיל פֿון געבונדנקייט מיט אַ גרופּע, געזעלשאַפֿט, פֿאָלק אע וואָס פֿירט צו אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן אופֿן טאָן פֿאַר דער גרופּע אאַזוו. אַ, פֿאַר דער טעטיקייט פֿון פֿאַראיין. אַ, לגבי דער מדינה. אַ, פֿאַר קיום האומה. די היסטאָרישע אַ, פֿאַר ייִדישן המשך. דאָס געזעלשאַפֿטלעכע אַ'. נאַציאָנאַלע אַ'. ▯לאָמיר ...זוכן אונדזער כּבֿוד, אונדזער גליק...אין אונדזער אַ, און פֿאַרבינדן זיך ווי ברידער צו איין פֿאָלק", ממוס, אַ סגולה.... "דער געפֿיל פֿון אַ, פֿאַר דעם פּראָגרעס פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק,,, זשיט II, נ,,י l912.

5. דזוו בּ4 בנוגע אַ (ספֿערע פֿון טעטיקייט. אַ, פֿאַרן ייִדישן חינוך. אַ, פֿאַרן יושרדיקן פֿאַרטיילן די צדקה־געלטער. אַ, צו דער ייִדישער ליטעראַטור. ,,מע דאַרף נישט לאָזן גענעראַלן אויף זייער אייגענער אַ, צו באַנוצן זיך מיט אַטאָמיש געווער,,, סמז, 5 1964 XI.

6 פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט כּלפּי דער

געזעל.
שאַפּט, דער מאַכט פֿאַר אייגענע מעשׂים אָדער
—
,
פֿאַרן ניט טאָן וואָס דאָס געזעץ הייסט טאָן.
א, פֿון אַ בירגער פֿון אַן עדות. אַ, פֿון אַ
—
,
(מיט)באַטייליקטן אין אַ פֿאַרברעכן.
קרימינעלע אַ'. אַ משוגענער וואָס קען ניט טראָגן
קיין אַ, פֿאַר זײַנע מעשׂים. „זי האָט
אַרויפֿגעלייגט אויף דעם קהל די אַ, פֿאַרן ריכטיקן
אַרײַנקומען פֿון שטײַערן אין דער קאַסע פֿון
דער מלוכה“, שד II .
7. אָבליגאַציע. חובֿ צו פֿאַרגיטיקן (מיט
געלט), צו באַצאָלן. אַ, פֿאַר אַ שאָדן וואָס מע
האָט אָנגעטאָן במזיד אָדער בשוגג. אַ, פֿון
עלטערן פֿאַר די שאָדנס וואָס זייערע קינדער
האָבן גורם געווען. טראָגן אַ, פֿאַר דער קאַסע.
8. בכלל יעדער מין קאַווירן, גאַראַנטיע,
ערבֿות, באַוואָרעניש, צאָלונג וואָס מע האָט
גענומען אויף זיך. אַ, פֿון זשיראַנט צו
באַצאָלן פֿאַרן וועקסל־געבער. אַ, צום מלווה.
אַ, פֿאַר דער (מלוכה־)הלוואה. *אויף מײַן
אַ, = איך וועל זײַן פֿאַר דעם
פֿאַראַנטוואָרטלעך, איך וועל באַצאָלן. „פֿון טאַטנס מויל

האָט איר עס ניט געהערט, הערט איר עס
פֿון מײַן מויל. טוט עס אויף מײַן אַ',,,
בּערג, בּײַם דניעפּעך I. (ניט) נעמען אויף זיך
די אַ, פֿאַרן דורכפֿירן דעם אָפּמאַך, קאָנטראַקט
אע. אַ, פֿאַר דער אָפּעראַציע. ,,איבּערנעמען
די אַ, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אייבּיק
בּלײַבּן אין די גרענעצן פֿון איידלקייט...קען
קיינער ניט,,, זשיט III י, נ"י 1919.

9. אָנשטרענגונג. "עס איז תּמיד בּעסער אַ
מאָגער אייזעלע, אַבּי אָן מי, איידער מיט
אַ אַ פֿעטע קי", עט, משלים.

10. סכּנה, געפֿאַר, ריזיקע. ,,ס'איז גאָרניט,
ס'איז אָן אַ,, ס'וועט אים ניט שאַטן" —
אופֿן פֿון בּאַרואיקן אַ מאַמען, ווען אַ קינד
פֿאַלט, צעקלאַפּט זיך אע. אַרויס פֿון אַ,

= אַרויס פֿון ריזיקע. ,,דערווײַל האָט
אָנגעהויבּן זייער אַ שטאַרקער שטורעמווינט צו
ווייען, און עס איז פֿאַר די שיפֿן זייער גרויס
אַ, געווען,,, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח, בּאַר

אַהריותדיק

דיטשעוו 1817. ,,וועו [די בינען] טאַנצן אַרום
אויף די בלומען...קען מען זיי אָן אַ,
באַטראַכטן,,, קמ, 41 1863, No. ,,האָט מען
געפֿונען דעם גאַנצן קאָרדאָן שטיל...נאָר דאָס
פֿאַרשאָלטענע באָטשאַפֿט אַליין איז מיט אַ',,,
גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. *אַ, מיטן לעבן זײַן,
= אײַנשטעלן דאָס לעבן, שטעלן דאָס לעבן
אין סכּנה. ,,די פּעקלעך סחורה וואָס איז גאָר
אַ, מיטן לעבן געווען גייען איבער דער
קאַמער גאָר אָפֿנטלעך,,, דאָרטן.

11. מיט אַ נעגאַציע. דאָס וואָס איז אָן אַן
אונטערשייד, חילוק, וויכטיקייט. ,,אַז ער זאָל
אַפֿילו אָנקומען ▯ איז אויך גאָר קיין גרויס
אַ, נישט, איך האָב דאָך אים צוגעזאָגט“,
עט, סערקע ▯ ע.

12. השגחה. ,,דײַן בעשׂט ל[אַ]נד דשׂ דײַן
אַ, דרויף איז, דז דוא דיך פֿר לאָזט דרויף
פּירות פֿון דאָרטן צו האבן“, סהמ, יחזקאל,
כג, 25.

אַהריותדיק — אַדי. 1. וואָס אין דעם איז
דאָ אַחריות (אַלע בּב), ← דפֿוו. וואָס טראָגט
אַחריות, וואָס איז פֿאַראַנטוואָרטלעך. ,,אַזאַ אַ'ער
קולטורעלער אויפּטו“, לעבן און וויסנשאַפֿט,
7 1910, No. ,,ראַוויטש איז געוואָרן...

מאָנענדיקער און אַ'ער“, יג, תּוך. „קאָנסט זיו
פֿאַרלאָזן אויף אים, ער איז אַן אַ'ער מאַן„, רייד.
2. ספּעצ, פּטמ. סכּנהדיק, מסוכּנדיק,
געפֿערלעך. „זײַן מחותּן האָט דאָ אין קאָרדאָן געהאַט
כּמה מכשולות...איז דער קאָרדאָן זייער אַ,
געווען“, 'גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. ־יקייט —
„אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געטראַכט
האָט ער אַרײַנגעלייגט...אַ, וואָס
כאַראַקטעריזירט אַ פּערזענלעכקייט“, צײַט, טמז, XI
6 1964.

אַהריות טעות סופֿר — [... טאָעס סויפֿע□ I
זאַך. תּח. < בּבֿא מציעא, יד/א; טו/ב אאַ.
[דאָס ניט־אײַנשרײַבן] די גאַראַנטיע איז אַ
טעות פֿון דעם שרײַבער, דה אויב עס פֿעלט
אין אַ שטר, אַ דאָקומענט, דער אָנווײַז אַז
דער חובֿ איז גאַראַנטירט אויך מיטן
אומבאַוועגלעכן פֿאַרמעגן פֿון בעל־חובֿ — נעמט
מען אָן אַז דאָס איז בלויז געווען אַ פֿאַרזען
מצד דעם שרײַבער אָדער סופֿר. בכן קען דער
מלווה אײַנמאָנען אויך פֿון אומבאַוועגלעכן
פֿאַרמעגן.

אַהריות נכסים — [□.. נעכאָסי□] פֿראַזע.
תּלמודישער ט,. תּח. < בּבֿאַ מציעא, יג/ב.

□ גאַר □ טיע פֿון פֿאַרמעגנס'. [אויבֿ ראובֿן האָט
געליִען געלט שמעונען וואָס האָט געהאַט אַ
פֿעלד, און שמעון האָט שפּעטער דאָס פֿעלד
פֿאַרקויפֿט אָדער אַוועקגעשאָנקען לוי'ן, קען
ראובֿן איינמאָנען זיין געלט, וואָס שמעון
קען ניט אָדער וויל ניט בּאַצאָלן, פֿון פֿעלד
וואָס איז איצט אין לוי'ס רשות. „ר', ווי
ס'טייטש אַחריות? — עס הייסט מע מוז
אָפּנעמען דעם חובֿ: אָדער דער לווה גיט אים
אַוועק געלט אָדער ער גיט אים פֿעלדער פֿאַר
זיין געלט“, שהמ. דעריבּער דאַרף דער וואָס
קויפֿט אומבּאַוועגלעכע גיטער ווערן
אינפֿאָרמירט צי עס איז דאָ אויף זיי אַ, נ'.]
אַהריותפֿול — אַדי. פֿול מיט אַחריות.
אָנגעלאָדן, דורכגענומען מיט אַחריות. „אין אַן

אַ'ער שעה □, ימ, 1923. „די אַ'ע
אונטערערדישע אַרבּעט צו ראַטעווען ייִדישע קינדער פֿון
די נאַציס„, רייד. ־קייט.
אַהר י □ אוש — פֿראַזע. געוויינלעך לאַחר
ייִאוש. נאָך ייִאוש; נאָכדעם ווי מע האָט זיך
שוין מייאש געווען. זיין אין אַן אַ'־ייִ'־
שטימונג. ־דיק.

אַהרי כּכלות הכּל — [אַכריי קיכלויס (־לעס) האַקויל (האַקל)] פֿראַזע. < סידור, פֿון אַדון

,

עולם, (ערשטער טייל פֿון דער דריטער שורה). 'נאָכדעם ווי אַלץ איז געענדיקט,. גענוצט מיט בּבֿ: 1. נאָך אַלעמען. שוין אַלץ פֿאַרלאָרן; אַלץ אָנגעוואָרן פֿאַרשפּילט. זײַן אַ, כּ, ה'.

,

,,ס'איז אַ, כּ, ה,, ניטאָ קיין ישועה, ניטאָ קיין תּרופֿה, ס'איז אויס,,, רייד. ,,אַ, כּ, הכּל [האַקאָ'ל], עס האַלט מיט אים שמאָל,,, פֿ וֹל. ,,דו מיינסט דאָך, טבֿיה, אַז ס'איז שוין אַ, כּ, ה, — עק וועלט, דער הימל איז אויף דיר געפֿאַלן?,,, שע, טבֿיה. 2. בּײַם סאַמע סוף.

,,א, כּ, ה, א סוף זאָל עס נעמען!"

— — —

*האַלטן בּײַ אַ, כּ, ה, = בּײַ יציאת־נשמה, בּײַם שטאַרבּן.

3. נאָכן אָפּשליסן דעם חשבּון; אין דער אונטערשטער שורה. ,,אַ, כּ, ה, האָט ער קוים אַרויסגענומען די הוצאות,,. אַרויס נקי אַ, כּ, ה'. ,,אַ, כּ, ה', נאָך אַלע פּורעניותן, האָט דער רבּש,,ע אים געבּענטשט מיט הכּל, בּכּל, מכּל, כּל", רייד.

אויך סוב. „נאָך אַלע אַ־כּ־ה'ס טאָר מען

אויך ני. — [האַקאָ'ל] שרײַען בּיז הייזעריק

אַרײַנפֿאַלן אין ייִאוש„, רייד. אַ,

כּ, הקו

ווערן. *אַ, כּ, ה, = נאָכן לIנטן שאָס, נאָך

דער מלחמה.

אַהריי־כּן — [אַכרייכיי'ן] אַדוו. תּח. < דבֿרי

הימים א, יח, 1 אאַ. נאָכדעם, דערנאָך,

שפּעטער, שפּעטער צו. „לאָמיר פֿריִער וואַשן די

הענט, זאָגן שׂאו ידיכם, מאַכן אַ בּרכה און

ערשט אַ־כ, וועט מען זיך נעמען צו דער

אַכילה„, רייד.

אַהרים אומרים — [אַכיירים אוימרי]

תּלמודישער ט.. תּח. 'אַנדערע זאָגן (מיינען,

האַלטן)', דה אַנאָנימע אויטאָריטעטן האָבּן אַן

אַנדערע, אַן אַקעגנדיקע מיינונג. געניצט, ווען

מע וויל ניט דערמאָנען דעם נאָמען (די

נעמען) פֿון דעם (ד) מיט אַן אַנדער מיינונג.

[הוריות, יג/ב — אין דער משנה מיינט מען

ר, מאירן, וואָס האָט געהאַט אָפֿטע

חילוקידעות און האָט אויך פּוגע בּכּבֿוד געווען דעם

נשׂיא רבּן שמעון בּן גמליאל; האָט יענער

אים בּאַשטראָפֿט אַז בּײַ ר, מאירס הלכות

זאָל מען ניט דערמאָנען זײַן נאָמען. אַ, א, זאָל אויך זײַן אַן אָנצוהערעניש אויף ר, מאירס רבין. ← אַחר.] פֿרנל יש אומרים. „דר ר, מאיר ווערט פֿיל מאָל גנענט אין די גמרא (אַחרים) אום דז ער זײַן (תּורה) הוט גלערנט פֿון אלישע בּן אבֿויה דר הט אַך גהיישׂן (אחר)“, שאַר, טו.

אַהרימ(אַ)ן . . דזוו אַכרימאַן, אַרימאַן, אַהורמין ←. אויך אַהרימון. „איר פֿאַרשטייט אַליין אַז ווען נישט אַ, וואָלט די וועלט געווען

אַהרי רבּים להטות

אַ גן־עדן„, פּרץ, געדאַנקען און [ידייען.

אַהרמן — נאָמען פֿון אַ שד.

אַהרי מות קדושים אמור — [אַכריי מויס קדוישים עמויר] קינסטלעך צונויפֿגעשטעלטער זאַץ, בּאַשטייט פֿון די נעמען פֿון דרײַ נאָכאַנאַנדיקע סדרות אין חומש ויקרא נאָכן טויט, (פֿון אַהרנס צוויי זין), 'היילִיק, (זאָלט איר זײַן), 'זאָג, (צו די כּוהנים)]. די פֿאַרבּינדונג איז אויפֿגעקומען צווישן ייִדיש־רעדנדיקן עולם, אָן אַן אָנשפּאַר אויף אַ ספֿר אָדער

אויטאָריטעט. געניצט מיטן בּ: נאָכן טויט זאָל
מען בּלויז זאָגן שבֿחים אויפֿן נפֿטר. [דער
מאָטיוו: דער פֿאַרשטאָרבּענער קאָן דאָך מער
ניט זיך רעכטפֿאַרטיקן, דאַרף דער טויט מאַכן
פֿאַרגעסן זײַנע חסרונות אָדער עוולות וואָס
ער איז בּאַגאַנגען און מע דאַרף זען צו
געפֿינען אין אים דאָס גוטע, דאָס ליכטיקע,
וואָס איז פֿאַראַן אין יעדן מענטש.]
געוויינלעך ניצט מען געקירצט: אַהרי מות —
קדושים. „אַ, מ, ק, קומט אויך דערפֿון.
די צופֿעליקייטן, די מעשׂים צוליבֿ פּרנסה,
צוליבֿ כּעס...פֿאַלן אָפּ...ס'קומט אַרויס אַ נשמה
כּמעט אַ נאַקע□ןע„, פּרץ, זכדונות. „נישט
מחמת זי איז געווען מײַנע זאָג איך עס, און
נישט מחמת זי איז שוין אויף דער אמתער
וועלט לויבֿ איך זי, ווי זאָגט איר: 'אַ, מ, ק"",
שע, מע□Iיות און פֿאַנטאַזיעס. "אויבֿן ציִען
שווערע וואָלקן, דאָרטן צווישן זיי שווימען
אַ'־מ'־ק'־חיות אַלערליי„ [דה אידעאַליזירטע,
הערלעכע פֿאָרמען פֿון חיות], פּרץ, לידער
און פּאָעמען. פֿרגל מיטן ל שוו: וועגן גע□
שטאָרבּענע — אָדער גוטס אָדער גאָרנישט.
[פֿון דער צווייטער זײַט זעט מען אײַן אַז

דער אָנזאָג אַ, מ, ק, א, פֿירט דערצו אַז
שבֿחים אויפֿן חשבון פֿון אַ געשטאָרבענעם
שפּיגלען ניט אָפּ דעם אמת. דערפֿון די
ווערטלעך: ,,מע דאַרף ניט גלויבן (= גלייבן) ווען
מע טוט אַ טויטן לויבן‟. ,,ווילסטו וויסן
שקרים — לייען מצבֿות אויף קבֿרים‟. אַ
נײַער אײַנטײַטש: ,,אַ, מ, ק, — א,! נאָך
אַ, מ, — דעם אומבּרענג פֿון די קדושים —
אמור, זאָג! דערצייל וואָס איז געשען,
דערמאָן, וואָרן!,,, טמז, 1965 □ 14□]
אויך גאָר קורץ ווי אַן אָנצוהערעניש:
אַהדי מות...
אַהרי רבים להטות — [... ראַבים
לייהאַטויס] זאַץ. < שמות, כג, 2. ,נאָך דער
מערהייט זאָלסטו נייגן'. [דער גאַנצער פּסוק,
תּי: ,,זאָלט ניט נאָכגיין נאָך אַ רבים צום
בייזן; און אין אַ קריג זאָלסטו ניט עדות
זאָגן כּדי זיך צו נייגן נאָך אַ רבים צו
פֿאַרדרייען‟. די משנה (סנהדרין, פּרק א, ו) טײַטשט
עס אויס אַז מיט אַ רובֿ פֿון איין שטים
קען מען ניט פֿאַרמשפּטן אין דיני נפֿשות,
ס'איז נייטיק די מערהייט פֿון לכל־הפּחות
צוויי (צווישן די 23 פֿון סנהדרין קטנה). אָבער
שוין לויט דער גמרא (בבֿא־מציעא, נט/ב,

חולין, יא/א) און די גרויסע מפֿרשים וואַקסט
אַרויס דער יסוד פֿון דעמאָקראַטישן
אויפֿפֿיר, דער פּרינציפּ אַז די מערהייט דאַרף
באַשטימען.] ב: מע דאַרף (מוז) זיך רעכענען
מיט דער מערהייט (אין אַלע ענינים פֿון

געאַהרית

זעלשאַפֿטלעכן לעבן) בײַ יעדער אָפּשטימונג.
,,צוואָס זיך אַמפּערן? לאָמיר אָפּשטימען און
אַ, ר, ל'!“ פֿרגל אַזלינן בתר רובא. ,,מע
.
קען אָנקומען צו אָפּשטימונגען און צום אַ,
ר, ל',,, ימ, ייִשפּ XII, 3. ,,זײַן מוט ניט צו
זײַן אַ, ר, ל', און נאָכצוגיין בלויז זײַן
אייגענעם יחידישן געוויסן,,, ש. ביקל, טמז,
18 5 19 I.

אַהרית — [אַ'כרי] דער, ־ן. תּח. געקירצט
פֿון אַחרית־הימים →. 1. ענד (סוף) פֿון
די טעג, ווײַטער עתיד, משיחס צײַטן. אין
אַ'־טעג. ,,מיט טרערן אויסברענען אַ שפּאַלט
און מײַן נשמה דאָרט אַרײַנלייגן ביז די טעג
פֿון אַ, אויף באַהאַלט“, צײַט, גל II.
2. תּכלית, ציל. ,,מײַן ליבר זון...זאָלשט

גידענקין ,אַשרי אָדם מפַחד תּמיד,...און אויף
איין אַ, גידענקן“, פּראָגבֿ, 26.

אַהרית־דבֿר — [... דאָוואָ□] דער. מצ נבֿ.
תּח. < קהלת, ז, 8. 'סוף פֿון אַ זאַך'.
געניצט מיטן בֿ: פּועל־יוצא, רעזולטאַט, סך־הכּל,
רעזומע. אַ לאַנגע דרשה אָן אַן אַ־ד'. האַלטן
בּײַ ראשית און בּײַ שנית און ניט קענען
קומען צום אַ־ד'. אַ־ך, — אַ סוף צו דער
קאָמעדיע! ,,דער אַ־ד, פֿון אַלע גערײדערײַען
און טומלענישן איז געוועןאַ פּאַטש אין
פּנים פֿאַר יעדן“, רייד.

אַהרית־הימים — [... האַיאָמי□] דער. תּח.
< ישעיה, בֿ, 2; מיכה, ד, 1; בּראשית, מט,
1. ,סוף פֿון די טעג'. 1. גליקלעכע צײַט
פֿון אייבּיקן שלום אויף דער וועלט (מיט
ירושלים ווי דער גײַסטיקער צענטער פֿאַר
אַלע פֿעלקער) לויט דער וויזיע פֿון די
נבֿיאים. שפּעטער פֿאַרבּונדן מיט דער אידיי(ע)
פֿון מ ש י ח ס קומען, מיט ימות־המשיח, מיטן
ק ץ [וואָס האָט צוויי אַספּעקטן: א) גאולה פֿון
ייִדישן פֿאָלק, סוף פֿון גלות; בֿ) ענד פֿון
רשעות בּײַ מענטשן און אויך פֿון שלעכטס
אין דער נאַטור.□ בּענקען נאָך אַ־ה'. שטרעבֿן

צו אַ־ה,. באַגערטער, געגאַרטער אַ־ה'. ,,דער אַ'־ה, פֿון דער משיח־צײַט,,, זשיט II־, נ,,י 1917. ,,ער האָט אַזוי שיין און לעבעדיק געמאָלן דעם אַ־ה', ווען אַלע ייִדן...ווערן ווידער זײַן אויף דער הייליקער ערד,,, ש. ראָזענבערג, די כוזרים. ,,דעם לעמפּערטס הויט פֿול קאָלירן פֿון גן־עדן, דאָס קעלבל

־--

צופֿרידן, דאָס לייבל באַשיידן, ס'ייִנגעלע אין כתונת־פּסימל פֿירט צו פֿרידלעכע וואַסערן... ס'איז אַלץ געענדיקט, ס'איז אַ,־ה'", צײַט I, אַחרית הימים,.

,

2. ווײַטער אידילישער עתיד ווי די באַגערטע לעצטע תּקופֿה אין מענטשלעכער געשיכטע. די צײַט ווען פֿון אוטאָפּיע ווערט וואָר. סאָציאַליזם און אַ־ה'. דער אַ־ה, אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע. ,,כולל אין זיך...אי דעם דראַנג צו צדק און יושר, אי דעם דראַנג צו...דער וועלט־איבערקערעניש און אַ־ה'", ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... 3. זן סאַטיריש. קאַטאַסטראָפֿאַלער אומקום פֿון מענטשלעכן מין. ,,די הידראָגען־באָמבע וועט שוין פֿירן צו אַ־ה',,, רייד. ,,אָט איז אַ מאָלערײַ פֿון אַ־ה'. די וועלט

איז שוין חרובֿ געוואָרן...“, טמז, 24 1965 III.

־דיק — אַדי. „אַ'־ה'ע באַפֿעסט[יק]ונג פֿון רעליגיעזן גײַסט און מדינהשער טואונג„,, צײַט, טמז, 29 1957 III.
אַהרית קטטה הרטה — [... קטאָטע כאַראָטע] זאַץ. תּח. < ספֿר חסידים, סימן פּח; מבֿחר הפּנינים, ג. סוף פֿון אַ קריגערײַ איז חרטה, באַדויער. געניצט ווי אַ שוו.
אַהרית שׂמהה תוגה — [... סימכאָ טוגאָ] זאַץ. תּח. < משלי, יד, 13. תּי: „דער סוף פֿון שׂמחה איז טרויער„. דער סוף פֿון פֿרייד איז לייד. גליק איז עפּעמעריש.
אַהר־בּך — [אַכאַרקאַ'ך] אַדוו. תּח. < כלאים, ב, 3 אאַ. דערנאָך, דערנאָכדעם. „וואָס איז געשען אַ'־כ'?“ „געטענהט און געטענהט און אַ־כ, מודה געווען“, רייד.
אַהר כל אלה — [אַכאַר קאָל איילע] פֿראַזע. תּח. פּאַראַלעל צו אַחר הדבֿרים האלה', בּרא, שית, כב, 1. 'נאָך דעם אַלעמען,. געניצט מיטן בּ: צום סוף, נאָך די אַלע געשעענישן,

נאָך אַלע רייד. „אַ, כּ, א, האָט ער צו זיי...
געזאָגט: גיט איר עטלעכע קערבּלעך — איז
מה טובֿ, אלא ניט — וועל איך אײַך...קאַליע
מאַכן,,, קמ, 11 1867, No. אויך: אַהרי....
„אַ, כּ, א', וואָס האָבּ איך געהאַט צו דענקען
וועגן חסידות?,,, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס
.1895

אַ▯ר־למעשׂה

שׂה. „אַצינד אַ'־ל, לאַכן זיי וואָס
— דזוו אַחר־המעשׂה (←). אויך:

אהר־המע

פֿאַר אַ נאַראָנים זיי זײַנען געוועןֵ,,, ממוס,
'די אַלטע מעשׂה'.

אַהר מאה ועשׂרים שנה — [... מייע

וויייעסרים שאָנאָ] פּראַזע▯ תּח. אויפֿן סמך פֿון ▯
ראשית, ו, 3; דבֿריס, לד, 7. נאָך הונדערט צוואַנציק
יאָר. „וואָס מיינט איר אַז אַ, מ, ו, ש, וועט
מען נאָך אײַך אַוועקשטעלן אַ גילדערנע מצבֿה?“
אַהר מאה שנה — [... מייע שאָנאָ] פּראַזע.
תּח. אויפֿן סמך פֿון ישעיה, סה, 20; פּרקי
אָבֿות, ה, יח: בן מאה כּאילו מת... נאָך
הונדערט יאָר, אין הונדערט יאַר אַרום. „אַ, מ, ש,
— אַ ליבטיקן גן־עדן זאָלט איר האָבּן,,, ←
לאַחר מאה שנים (שנה).

אַהר מעשׂה בית־דין — [... מײַסע בעזדן] פֿראַזע. < בּבֿא מציעא, יז/א. 'נאָך דער האַנדלונג פֿון געריכט'. געניצט מיטן בּ: א) אַ פּסק פֿון אַ רבֿ איז אַ פּסק (און מע דאַרף אויספֿאָלגן); בּ) נאָכדעם ווי אַן ענין איז באַהאַנדלט געוואָרן אין געריכט, איז שוין קיין אַנדער אויסוועג (עצה) ניטאָ. [דאָרטן, די צווייטע העלפֿט פֿון זאַץ: ,לא אָמר כּלום,. רעדט זיך וועגן דעם אַז בײַ אַ גט האָבן (נאָכן באַשלוס פֿון בית־דין) קיין שום האַפּט ניט די טענות פֿון מאַן אַז ער האָט שוין אָפּגעצאָלט דער פֿרוי אע.]

אַהר נכיון — [... ניקאָיען] פֿראַזע. ט, פֿון קהל־לעבן. נאָכן אַרונטעררעכענען (די שטענדיקע הוצאות, פֿריִערדיקע אַסיגנירונגען). ,,אַ, נ, איז געבליבן אַ שיבוש,, □ קמ, 6 1865, No.

אַהר נכיון הוצאות — ← דפּוו. סוחריש. נאָכן אַראָפּנעמען, אַרונטעררעכענען די הוצאות, די קאָסטן. קוים אַרויסגעקראָכן מיטן קרן אַ,

אַהשתּרנים

נ, ה,. ,,אַלע פּאַרדינסטן, וויפֿל ס'וועט זײַן אַ, נ, ה', וועלן געטיילט חצי שלי וחצי שלך“,

שע, בלאָנדזענדע שטערן I.

אַהר ת — [... שאַבּעס] דער, ־ן ▯.ים).

תּח. < בּראשית רבּה, י, ט. 'נאָך שבּת'.

1. שבּת־צונאַכטס. ״עס האָט געדויערט בּיז אַ־ש, דעם וואָגן צו רעכט מאַכן״, קח. יעדן אַ'־ש אַרײַנגיין צום שכן. 2. די ערשטע

,

דרײַ טעג פֿון דער וואָך. ,,וואָרעם די קדושה פֿון שבּת ציט זיך אויף דער גאַנצער וואָך. זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק הייסן אַ־ש'״, חא, נד/ב. 3. מעריבֿ וואָס מע דאַוונט שבּת־צונאַכט. ,,מײַן טאַטע האָט שוין אָפּגעדאַוונט אַ,־ש',,.

אַהרת — [אַכערע▯] מיי. אין פֿאַרשטעלסן לשון: אַן אַנדער זאַך. קאַל ווב.

אָהשורוש — [אַכאַשווײרעש] אויך: אַחשוורוש.

< מגילת אסתּר. נאָמען פֿון פּערסישן מלך פֿון דער מגילה. ,,און עס איז געווען אין די טעג פֿון אַ'ן — דאָס איז דער אַ, וואָס האָט געקיניגט פֿון הודו בּיז כּוש, איבּער הונדערט און זיבּן און צוואַנציק מדינות...,,, תּי. געשטאַלט פֿון אַ מלך אַ טיפּש, וואָס האָט ניט קיין אייגענע דעה און פֿאָלגט זײַנע יועצים. אַ שיכּור ווי אַ'. לעבּן אַ גוטן (געשוואָלענעם,

פֿעטן) טאָג ווי א, פֿון יענער שלאָפֿלאָזער
-.
נאַכט בײַ אַ, דעם מלך טיפּש איז
אַרויסגעקומען עפּעס גוטס: ער האָט זיך אָנגעהויבן
אָפּקערן פֿון המנען", חיים ליבערמאַן,
אידישע קוויזלינגס, נ"י 1947. *אַן אַ,
אויסגעוואָקסן! = איר, אַ נײַער חכם, אַ נײַער מאַכער,
קנאַקער. [פֿון נאָמען אַ, איז געוואָרן
אַהאַסווער ←.]
אַ'־ש פּ י ל — 1. פֿאָלקס־קאָמעדיע מיט
געזאַנג, געבויט אויפֿן אינהאַלט פֿון מגילת אסתּר.
זינט 17. י"ה פֿאַרשפּרייט צווישן ייִדיש־
רעדנדיקע. אָן שום מאָראַליזירנדיקער טענדענץ,
בלויז צום פֿאַרווײַלן. צו דער ערנסטער
געשטאַלט פֿון מרדכי צוגעקומען געשט לט פֿון
אַ לץ מאָנדריש, שפּעטער איז פֿון זיי געוואָרן
איין קאָמישע פֿיגור. עלטסטער פֿאַרשריבענער
טעקסט פֿון 1697. אַ'־שפּיל איז
איבערגעגאַנגען בעל־פּה אָדער אין קאָפּיעס צווישן
פּראָפֿעסיאָנעלע קאָמעדיאַנטן און פּורים־שפּילערס.
פֿאַראַן צענדליקער נוסחאות, אָבער אַלע מיט
הלצות און אויך מיט גראָבע ווערטלעך.
רבנים, פּרנסים האָבן ערטערווײַז געפּרוווט
פֿאַרווערן דאָס אויפֿפֿירן די אַ'־שפּיל, אָבער דאָס

האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. אין 19. און אָנהייב 20. י"ה ג□וען דער יסוד פֿאַר פֿאַרשיידענע נוסחאות פֿון פּורים־שפּיל.

2. כּוללדיקער נאָמען אויך פֿאַר יעדער פּורים־□פּיל, אויפֿגעפֿירט פֿון פּורים־שפּילערס, געוויינלעך פֿון צווישן די אָרעמסטע אין דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. "הער, ייִנגעלע, שטעל דיך, אָרעם ייִנגעלע פֿון אַ'־שפּיל!,", פּרץ, לידער און פּאָעמען.

אַהשתּרנים — [אַכאַשטראָני□] בּמ. < מגילת אסתּר, ח, 10. 1. שטאַפֿעטן, שליחים, קוריערן. [די לויפֿערס אויף פֿערד, רײַטערס אויף יאָגפֿערד וואָס האָבן פֿונאַנדערגעפֿירט דעם

אַהת

נײַעם באַפֿעל פֿון קיניג אַחשורוש וועגן דער ייִדישער גדולה.] פֿון שושן לויפֿן אַרויס

"

די אַ, בּשעת דעם נס פֿון פּורים פֿאַר כּמה שנים", ממוס, שירה.

2. (מיט הומאָר) מעקלערס. "אויפֿן מאַרק זענען דעם סוחר באַפֿאַלן די אַ', די

שאַכערמאַכערס“, שע.
3. איבערגעאײַלטע, לײַכטזיניקע לײַט, מיט
אימפּעט, מיט יאָגעניש. „זײַט ניט קיין אַ',
באַטראַכט אַן ענין!“, רייד. „והשנית איז מען
דאָך טאַקע...יונגעלײַט, מענטשן וואָס האָבו
קיינמאָל קיין צײַט ניט, אַ', אַלץ געיאָגט,
געכאַפּט„, שע, הקדמה צו יאָסעלע סאָלאָוויי,
.1889
4. (מיט ביטול) איבערגעאײַלטע
אונטערלעקערס. די וואָס באַמקען צו (צו) בעלי־דעות,
צו דער מאַכט. „ר, אליה איגאײנעם מיט
קירה ווייסט נישט מאַי דקאמרי אַ'„, ממוס,
פּריזיוו. „זיי זענען די אַ'־אַפּלייקענער, די
ייִדעלעך וואָס זייער פֿונקציע איז קודם־כּל צו
לייקענען ביז דער טרויעריקער אמת ווערט
באַשטעטיקט„, יג, טמז, 5 1958 X.
5. אומגעבעטענע דעלעגאַטן, אַליין־
געקרוינטע שתּדלנים. „אַ, וואָס זײַנען געלאָפֿן צום
און פֿון וואַטיקאַן“, יג, טמז, 30 1965 ▯I.
6. ווערט פֿאַרטײַטשט: פֿערד, מוילאייזלען,
אייזלען. „אַ רײַטוואָגן וואָס ציִען אים אַכט אַ',
דאָס איז אַזאַ מין אייזל“, מע▯tה פֿון מהרש„א
און פֿון רמבּ“ם און פֿון נודע ביהודה, וואַרשע
.1879

אַהת — [אַכאַ▯] איינע. איינס. אין לק וויַיבֿלעך
פֿון אחד ←. געניצט בײַם ציילן. אין אַ
צאָל אויסדרוקן און פֿאַרבֿינדונגען, למשל:
יד־אַ,, אשה אַ', אַגודה אַחת ▯). אַ, בֿ ש נ ה
= איין מאָל אין יאָר.
אַהת בסה ואַהת בלבֿ — [... בֿייפֿע,
(בֿייפֿע)... בֿייל▯וו (־לע'וו)] דזוו אחד בפֿה
ואחד בלבֿ (←). קאַל ווב. ,,ס'איז שווער מע
זאָל דעם מחותּן חושד זײַן אַז ס'איז בײַ
אים אַ, בֿ, ו, בֿ',,, שע. ,,דאָס שפּריכוואָרט
זאָל זײַן געווענדט קעגן אַ פֿאַלשן מעגטשן
וואָס בײַ אים איז אַ, בֿ, ו, בֿ',,, על, דאַוונען.
אַהת דברתי — [... דיבֿאַרטי] זאַץ. תּח.
< איובֿ, מ, 5. 'איין מאָל האָבֿ איך גערעדט'.
געניצט מיט בֿבֿ: 1. נאָר איינס זאָג איך.
איך חזר איבֿער דאָס זעלבֿיקע. ,,אַ, ד, און
איך בײַט ניט מײַן טענה,,, רייד. 2. נאָר
איין מאָל האָבֿ איך גערעדט. ,,אַ, ד, און איך
חזר ניט איבֿער מײַן טענה“, רייד.
אַהת דתו להמית — [... דאָסוי לייהאַמיס]
פֿראָזע. תּח. < מגילת אסתּר, ▯ 11. 'איין
געזעץ בלויז צו טייטן'. [תּי, דאָרטן: ,,
איטלעכער מאַן אָדער פֿרוי וואָס גייט אַרײַן צום

מלך אין אינעווייניקסטן הויף, ווען ער ווערט ניט גערופֿן, איז פֿאַר אים בלויז איין געזעץ — טייטן, סײַדן דער מלך שטרעקט אויס צו אים זײַן גאָלדענעם צעפּטער“.]

געניצט מיט בבֿ: 1. ער איז חייבֿ מיתה, ס'קומט אים טויטשטראָף. „—־. וועלכער נוצרי זיך אונטרשטיהט איין יהודי צו פֿערבערגין אין זײַן הויז אַ, ד, ל'‏, מע‏tה אומן. „אַזאַ

8‏6

זאַך, ווייסט איר מיט וואָס סע שמעקט? מורד במלכות איז אַ, ד, ל„„ שע, מע‏Iיות און פֿאַנטאַזיעס. „אַן אָפֿיציר פֿון דער פֿראַנצייזישער אַרמיי האָט אַ העכערן פֿון זיך געפּאַטשט! דאַכט זיך אַ, ד, ל'„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „און גנבֿעט איינער אַ פֿערד, איז אַ, ד, ל'„, מוק, 'צוויי יובילאַרן'. 2. עס קומט אַ האַרבע שטראָף וואָס מע קאָן זיך פֿון איר ניט אַרויסדרייען. „אַפֿילו רעדן פֿון קאָרטן אָדער טראַכטן וועגן קאָרטן איז אַ, ד, ל, — איז ער אַ געשמיסענער„„ שע, פֿונעם יאַריד.

אויך אָן דעם לעצטן וואָרט. „ווער עס ווייסט
נישט און קען נישט זײַן ערטיטל איז ער
פּוגם בכבֿודו [פֿון פּויפּסט], איז אַ, ד'“, א. בּ.,
דער מבֿר ישועה, וואַרשע 1900.
אַהת היא יונתי — [... הי יוינאָס] זאַץ.
תּח. < שיר השירים, ו, 9. 'איינע איז זי,
מײַן טײַבּעלע'. אויסדווק פֿון גרויס
ליבּשאַפֿט בּײַם רעדן וועגן ווײַבּ אָדער (
איינציקער) טאָכטער. „איך האָבּ .ר טעכטער און
יעדע איינע — אַ, ה, י“, רייד.
אַהת ואַהת — [... ווייאַכאַס] < צבּ אַחת
& ואַחת (אַ סך מאָל אין תּנך) פֿון מוסף,
יום־כּיפּור בּײַם סדר־העבֿודה. „איינס און איינס.,
1. געניצט בּײַם ציילן פּאַמעלעך, פּינקטלעך,
איין מטבּע (איין פּאַפּירל) נאָך דער צווייטער
אָדער בּײַם אַרויסהייבּן יעדע זאַך בּאַזונדער.
„און רויטשילד נעמט מסתּמא און ציילט אים
אויס דרײַ הונדערטער מזומנים, אַ, ו'“, שע,
קליינע מענטשעלעך. „די קאָזאַקן האָבּן
אָנגעהויבּן מיט זייערע ראַפּניקעס צו ציילן אַ,
ו,„, יעקבֿ מאָרנענשטערן, די שיינע
בּלוהמכען, וואַרשע 1880. „דער רבּי האָט אים
אַרײַנגעצימבּלט אין דער מחילה אַ, ו, פֿײַער

דיקע שמיץ“. „ער האָט דאָרט ניט געהאַט ניט כּבֿוד און ניט נחת, האָט געצאָלט מיט שטראָף אַ, ו'“, אלצ, קליין ווערטל, לאָנדאָן 1894.

2. זזוו איינס אין איינס. „די עפּל מײַנע אַ, ו', אויסגעקליבענע, פּרימאַ שבּפּרימ. „ מײַנע טעכטער אַ, ו', אַלע געראָטענע, אַלע פּאַרשוינען,„ רייד.

אַהת ושתים — [... אושטאַ'יי] ← דפּוו.

1. געניצט בײַם ציילן, בײַם אויסרעכענען פּונקטן פֿון אַ טענה, אַן אָפּמאַך. 2. זזוו איינס און צוויי; גיך, אָן הפֿסקה. מאַכן, טאָן עפּעס אַ, ו'.

אַהת לאַהת — [... לײַ(לע)אַכאַס] פּראַזע.

תּח > קהלת, ז, 27. 1. איינס צו איינס, איינס צום אַנדערן. „אַ, ל, האָט ער אָנגעקליבן אַ גרויס עשירות,„ רייד. „אַ, ל, וועט דאָס זײַן אַ ריכטיקע מטבע,„ שע, פֿונעם יאַדיד.

2. דזוו אַחת ואַחת (←). געגעבן אַ, ל, אַ צענערל נאָך אַ צענערל. „איז אַ, ל, האָבן מיר אַ קײַמא־לן פֿון פֿינף שדכנים,„ שע, כּתרילעווקער פּראָגרעס,. 3. בּיני לבּיני, דערווײַל, וואָס ווען. „אַ, ל, איז אַוועקגעגאַנגען

אַ טאָג“, שע, בלאָנדזענדע שטערן. ,,אַ, ל,
און ווייניק נחת󰀀, פּוול. ,,אַ, ל, זעט מען

אָט

נישט אַרויס אַזוי גיך, מע זאָל בײַם פּויפּסט
צונעמען די וועלטלעכע מאַכט“, קמ, 1864,
.No 46
4. צו בּיסלעך, בּיסלעכווײַז. ,,האבּין זיא
איזהו מאות ר“ט ניטיק גיהאַט, האָט הפּתס
אויז גיטאָן [= געבּאָרג󰀀] און, אַ, ל, ווידר
בּיקומן,,, גה, 58. ,,עס איז שוין אַ, ל, ערבֿ
ראָש־השנה“, שע, פֿון כתרילעווקע.
5. כּסדר (און אין סך־הכּ󰀀). אַ, ל, פֿיגף
טעכטער און בּלײַבּן אָן אַ קדיש. ,,אַ, ל,
פֿירן אויס די וואָס זאָרגן צום ווייניקסטן
לטובֿת הכּלל,,, קמ, l866 2, No.
אַהת לאַהת נמצא השבּון — [... נימצאָ
כעזשבּן] זאָך. < קהלת, ז, 27 [דאָרטן למצא.
איבּערגעפֿורעמט אין אַ שוו]. סוחריש. איינס
צום אַנדערן קומט צו (בּאַקומט זיך) אַ חשבּון.
געניצט מיט בּבֿ: 1. ווען מע קאָנטראָלירט
ווידער דורך, זעט מען אַז דער חשבּון איז

אַ ריכטיקער. „איר זעט? מע האָט
דורכגעקוקט די ביכער און אַ, ל, נ, ח'“, רייד.
2. אַז מע קלייַבט צו ביסלעך, האָט מען אַ
סך. אַזוי ווי: „אַ ביסל און אַ ביסל ווערט
אַ פֿולע שיסל„. ענלעך צו: „פּרוטה לפּרוטה
מצטרפֿת לחשבון גדול“.

אַהת־שתים — [... שטאַיִם] אַדוו. איינס־צוויי,
איינס און צוויי, גלײַך, תּיכּף. „לויף און רוף
דעם דאָקטעו, מאַך עס אַ'־ש,“, רייד.

א“ט — ר„ת פֿון: אבֿנים טובֿות, אין טעם.

אַט — אינטעריעקציע. 1. פֿאַרבײַט אַן
ענטפֿער: נישקשה, אַזוי זיך; ניט זייער גוט,
ניט זייער שלעכט. „— ווי גייט עס אײַך?
— אַט„. 2. (מיט אַ מאַך □יט דער האַנט)
לאָמיר בעסער ניט ריידן דערפֿון, ווײַל ס□איז
ניט צו געהויבן, ניט פֿויגלדיק. „— וואָס
מאַכט איר? — אַט, וואָס זאָל מען מאַכן?„.
„— וואָסער מין מענטש איז ער? — אַט,
ווייס איך וואָס!„.

אָט — אַדוו. > פויל, אוק. 1. (אָרט) דאַ,
דאָ גלײַך (בײַם ווײַזן אויף אַ שטח וואו
מע וואָלט געדאַרפֿט אַליין דערזען די זאַך
אָדער פערזאָ□). אָט אי, דאָס. אָט איז ער.

„...— וואו איז ער? — אָ'ט זיצט ער דאָו“.
„—־ וואָס זוכסטו עס? אָ'ט איז עס!“. „אָ'ט
בין איך! — האָט ער געזאָגט, זיך געשטעלט
אַקעגן און אויסגעגלאָצט...זײַנע...אויגן„, ממוס,
קליאַטשע. „אָ'ט איז דער טויער, אָ'ט איז דאָס
אוהל און אָ'ט זענען מיר אַלע“, שע, מע◌יות
און פֿאָנטאַזיעס. „אָ'ט איז דײַן הימל־ווײַב,
דו מענטש„, צײַט, גש I. אויך צו
פֿאַרשטאַרקן און אַרויסצוהייבן אַן אַדוו פֿון אָרט. אָט
אַהין, אָט אַהער, אָט דאָ, אָט דאָרטן,
אָט וואו אאַ. „האָבן זיי אים געפֿרעגט...
האָט ער זיי געוויזן מיט דער האַנט — ,אָט
אַ ה ע , ר„„ נחב, 'מעשׂה מבן מלך ובֿן שפֿחה'.
„פֿונדעסטוועגן בין איך אָט ד אָ , פֿאַר
עטלעכע יאָר געווען„, יפּ. „אָט, אָט ו ו א ו,
רבי, איז דער אָרט פֿון אונדזער אומגליק
פֿון פֿאַרצײַטן„, פֿרוג I. „ליגט דאָס גאַנצע
פּינטעלע פֿון דער שווערער הלכה אָט ד ר
ינ ע ן„, ממוס, אַ סגולה....
2. (צײַט) באַלד, שוין, גלײַך, אָקערשט. מיט

אַטאַ

אַ קורצער צײַט צוריק; גאָר אינגיכן, גאָר

בקרובֿ. „.— ווי לאַנג זאָל איך נאָך וואַרטן?
— אָ'ט קום איו אַרויס“. „—־ וואו איז ער?
— איו ווייס ניט. אָ'ט איז ער דאָו געווען
אין הויף„. „די באָבע קריינצע — אָט לאַכט
זי, אָט וויינט זי“, פֿוול. „בין־השמשות, ווי
ס'ווערט טונקל דער טאָג...אָט דאָ קומט שוין
איינע אים אַנטקעגן“, מס, משלי, תּקע„ד, ז,
10. „אָט באַדאַרף שוין פֿליִען פּעטש“, ממוס,
פֿישקע. אויך צו פֿאַרשטאַרקו או .
רויסצוהייבן אַן אַדוו פֿון צײַט. אָט באַ אָט
ערשט, אָט שוין אאַ. „אָט ב אַ , ל ד קום
איך אַרויס„. „אָט ש ו י ן בין איך פֿאַרטיק
מיט דער אַרבעט“. „אָט ע ר ש ט האָב איו
אים געזען„. אויך סובֿ. „פֿאַרצײַטיקער
אָטערשט„, צײַט, גש I. „באַלד אויך דו ועסט
רואיק ווערן, אָט געווען און אָט שוין אויס„,
יוסף חלל לעווי, 'בלימלעך וועלן בליִען'.
געניצט בײַ דער איצטיקער צײַט וואָס
פֿאַרבײַט די פֿאַרגאַנגענע אָדער די קומעדיקע.
„אַמאָל וועט דאַכטן זיך — אָט גייט ער
אויס, ער אָבער פֿון סכּנה ועט אַרויס“, ממוס,
יודל. „שמות הייליקע...אָט צעשיטן זיי זיך
פּלוצלונג אינעם אַוויר, אינעם העלן„, פֿרוג
II. „אָט קומט צו מיר אַ יונגערמאַן און הייבט

,

3. געניצט בּײַם געבּן, בּײַם דערלאַנגען (פֿאַרבּײַט דעם פּראָ דאָס). ,,נאַ, אָט איז געלט,,. ,,טו אָן, אָט איז דאָס שאַליקל". ,,אָט האָסטו די פּען, אָט האָסטו פּאַפּיר, שרײַב אָן אַ פּאָר ווערטער,,. ,,אָט איז דאָס פֿלייש, עס געזונטערהייט,,.

4. געניצט אויסצודויקן פֿאַרוואונדערונג (איבּער עפּעס וואָס געשעט אומגעריכטערהייט), צו פֿאַרשטאַרקן אַן אויסדרוק פֿון אַ טיף געפֿיל (שרעק, ליבּשאַפֿט, התפּעלות אאַ). דזוו זעט! אָט אַ שיינהייט! אָט אַ מענטש! אָט דאָס הייסט געדאַוונט! אָט אַ שפּרונג! אָט קומט ער מיט אַ ביקס! אָט איז אַן ענטפֿער! ,,אָט האָסטו דיר" — מיט אומצופֿרידנקייט. ,,אָט האָסטו דיר! אַ נײַע אָנשיקעניש אויף מײַן קאָפּ,,. אַזוי אויך: ,,אָט האָסטו דיר די אַנדערע (צווייטע) טעג יום־טובֿ,,, פֿוול. ,,אָט האָט איר דעם דאַנק. גיי מוטשע זיך פֿאַר יידן. טו יִדן טובֿות!,,, ממוס, טאַקסע. ,,אָט וועט איר זען...אַז העכער האַלבּ וועלן זיך אויסשמדן,,, שע, אײַזנבּאַן־געשיכטעס.

5. קומט פֿאַר אַן אַדי אָדער אַדוו כּדי

אַרויסצוהייבן: אַקוראַט, פּונקט ווי. אָט אַ ז אַ , מזל
האָט ער שוין. ,,וואָס וועסטו טאָן מיט אים?
אָט אַזאַ מענטש איז ער,,, רייד. לויפֿן אָט
גיך ווי פֿערד. ,,עסט דעם לעקעך, אָט זיס
ווי צוקער‘‘, רייד. זעט אָט ו ו י מע מאַכט
עס. ,,איך האָב איר נשמה געזען, אָט ג ל ײַ ך
ווי איר פּנים געזען‘‘, אַל II, 'פֿאַר איר נשמה'.

6. קומט פֿאַר פּראָנאָמען כּדי אַרויסצוהייבן:
אָט ד אָ ס ←. אָט ו ו אָ ס — ,,איך וועל
דיר אָט וו, זאָגן‘‘; ,,הער זיך אײַן: אָט וו,
מיר וועלן טאָן...‘‘. אָט ו ו ע ר — ,,אָט וו,
עס ווײַלט געווײַנלעך בײַ אונדז ייִדן,,, ממוס,
פּרי□יקו.

7. פֿאַרבײַט אַ זוו. נישקשה, מילא, אַזוי

זיך. דזוו אַט (←). ,,— ווי גייט עס אײַך?
— אָט, מע לעבט, מע קומט דורך,,. ,,-—
וואָס הערט זיך עפּעס הלכת געזונט? — אָ'ט,
אַזוי זיך, מע שטופּט דורך דאָס ביסל יאָרן,,.
שׂרה, אַ גוטער באָרשט(ש)? — אָט, אַבי
□—-
אַן עס,, פֿוּל.

8. געניצט אַנשטאָט ל מ ש ל, ווי אַ ראַיה. „אָט...מיכל דער שוסטער, אַ ייִד וואָס האָט אָנגעבויט פּיתום מיט רעמסס„, פּינסקער שטאָטלוח, תּרס"ד. "אָט נעמט מיך...דאַכט זיך וואָס? אַ ייִד כלעבן אַ מיטלמעסיקער„, שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.

אַטאַ — אינטעריעקציע. „ייִדן אַז זיי האָבן דערזען אַ דײַטש, האָבן זיי צו וויסן געגעבן איינער דעם צווייטן: אַ'. דאָס איז געווען דער צייכן וואָס מיט אים האָט מען דורו ראַדיאָ מתרה געווען אַ לופֿטאָנגריף" (פּיעטריקאָ□) — בלום, ייִשפּ 2 ,I□X.

אָטאָ — אַדוו. < סל. אויך < אָט + דאָ.

1. דזוו אָט, בבֿ 1־3. אָ, איז עס. אָ, גייט ער. אַ אָ, באַלד. אָ, שוין. „ווי איר זעט מיך אָ', בין איך מיר אַ ייִד מיט קיין עין־הרע צוויי פֿערדלעך אייגענע„, שע, ,קיין עין־הרע'. אָטאָ דאָ — מיט אָרט־בּ. „ווער ווייסט, פֿון אונדז אָ, דאָ ווער איבעראַיאָ'ר וועט דאָרט רוען? דער טויט זאָגט דאָך ניט אָן די שעה", עט, לידער. "קינד מײַנס, היט, ווײַל אָ, דאָ פֿאַר־ אָ גייט דאָך אַזוי גיך אַלץ, פֿאַרפֿ□.ט", יחיאל

לערער, מײַן הייס. פֿטמ אויך: אָ, דאָ אָ.
2. דזוו אָט פֿאַר אַ פּראָ. ← אָט דאָס. „אָ,
דעם חתן וויל זי יאָ„. “ווי איר קוקט אים
אָ
אָן, קען ער שוין, אָ, דער שנעק, גאַנץ בֿיצה,
קידושין, כּתובֿות און נדה„, ממוס, וו▯ נטשפֿ.
אָטאָ
— דער, ־ס. אַמ. ־אָ▯ מאָבֿי▯ ויטאָ
←, אויטאָמאָבֿיל. אויך: ←
א אר. דזוו

אויטאָמאָבֿיל.
אָטאָבֿוס — דער, ־ן. ← אויטאָבֿוס. „מע
לאָדט זיי אָן אויף די ערשטע אָ'ן וואָס
פֿאָרן...„, עק, איבֿז איוואַן גאַל.
אַטאַגאַ'ן — דער, ־ען. < איי < טערקיש.
פּפֿ: אַטאַגאָן. לאַנג מעסער אָדער קורצע
שווערד. פֿאַרשפּרייט בײַ די מוסולמענישע
פֿעלקער.
אָטאַוואַ רימאַ — די, ־ס. < איי < איט
(פּראָסאָדיע, פּאָעטיק). אַכט־שורהדיקע
סטראָפֿע (סטאַנצע) מיט אַ גראַמען־ריי אבֿאבֿאבֿגג
(ערשטע שורה גראַמט זיך מיט דער דריטער
און פֿינפֿטער, די צווייטע מיט דער פֿערטער

און זעקסטער, די זיבעטע גראַמט זיך מיט
דער אַכטער). [אליה בחור האָט אײַנגעפֿירט
אין דער ייִדישער ליטעראַטור די אָ, ר'. דאָ
איז די ערשטע סטראָפֿע פֿון בבֿא־בוך: „גוט
דען זול מן איביג לובן / אונ, זײַני וואונדר
זול מן קונדן / ווען ער איז גיאַכפּרט אונ,
דר הובן / אין ורומר לוייטן מונדן /. ער
איז גיוועלטיג אונטן און אובן, / זײַן לוב
איז ניט צו גרונדן. קיין מענש דער עשׂ קאַן אָ
בֿולענדן, ווען עשׂ הוט נאָך דרום נוו ענדן‚‚.]
אַטאַוויזם — דער, ־ען. < איי < ל.
1. (ביִאָלאָגיע) פֿיזישע אייגנשאַפֿט פֿון אַן אָר־ אָ
גאַניזם וואָס איז ניט קיין דירעקטע ירושה

אָט־אָט

-

פֿון די עלטערן, נאָר פֿון פֿריִערדיקע,
לאַנגסטיקע און אַפֿילו ווײַטע דורות. אַ, קען זיך
אויסדריקן אין אויפֿלעב פֿון אַן אַטראָפֿירטן
אָרגאַן, אין פֿאַרב פֿון פֿעל אָדער פֿעדערן, אין
צוריקקער צו ווילדקייט בײַ פֿאַרשטובֿיקטע חיות
אאַזוו.

2. שטריך פֿון כאַראַקטער, אייגנשאַפֿט, פֿירונג, אופֿן טראַכטן וואָס איז פֿון (אָדער דערמאָנט אין די) ווײַטע פֿרִיערדיקע דורות. „רעדט אין זיי דער כּוח פֿון אַ, (ירושה), דער עלטערעלטערזיידע...דער נאַטירלעכער געזעץ פֿון אַ, איז באַקאַנט יעדן קולטורעלן מענטשן", אלחנן קלמנסאָן, דאָס לעבּעדיקע וואָרט, קיִעוו 1910.
„אַך, דער צענדליק פֿלאַקסענע בּערד — דאָס איז דער אַ', דער אייבּיקער סימן פֿון אונדזער אַמאָליקער פּורים־שפּילערײַ„, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. „...בּאַקומט דעם שאַרפֿן ריח...פֿון ספּעציפֿיש־ייִדישן קיום — אַ'▯, ש. בּיקל, שרײַבּער פֿון מײַן דור I.
טאַוויסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. אָנהענגער פֿון אַטאַוויזם. 2. ווער עס פֿאַרמאָגט אַטאַוויסטישע שטריכן. 3. ספּעצ, אָנהענגעו, ליבּהאָבּער פֿון פּרימיטיווער קונסט.
־יש — אַדי. „דעקט אויף די שוואַכסטע, אַ'ע...פּונקטן פֿון ייִדנטום — די שיטה פֿון קרבּנות", קאָך II.
טאָווע — די. מצ נבּ. ▯ ▯ >. גראָז וואָס איז אָנגעוואַקסן נאָך איין מאָל אָפּקאָסען. "די פֿערד האָבּן זיו געפּאַשעט אין דער הויכער אָ'".

ט אַזוי — אַדוו. 1. גענוצט בײַם (
פּינקטלעכן) אָנווײַזן ווי אַזוי מע טוט אָדער מע דאַרף
טאָן. אויך: אָט אַזוי אָ. „אָ, אַ, נייט אַ
שנײַדער, אָ, אַ, נייט ער דאָך„, פֿל. „זעץ
דיך...די פֿיס דײַנע לעגן אונטער אויף דעם
בענקעלע, אָ, אַ', אַזוי„, ממוס, 'אַ גרויע האָר'.
2. גענוצט ווי אַן אויספֿיר, אַ סך־הכּל פֿון
פֿריִערדיקע רייד. „אָ, אַ, ביסלעכווײַז האָט
ער מיר פֿאַרדרייט דעם קאָפּ און אַרײַנגעשלעפּט
אין דעם אומגליק„, רייד. „אָ, אַ, האָט דאָס
שטעטל...נעבעך געלעבט„, ממוס, שלמה. „אָ,
אַ, טראַכט יעדער ייִד...יעדער שאַכער־מאַכער„,
ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „עס וועט זיך דאָך
עפּעס טאָן מעשׂים, ניט אָ, אַ, אָ„, ירמי, יונוף
י קאָבזאַהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
3. סתּם אַזוי, אָן אַ ציל, אָן אַ באַזונדערן
ווערט. „וואָס וועלן מיר אויסזיצן אָ, אַ, אָ
מיט צונויפֿגעלייגטע הענט?„, ממוס, ,צוריק
אַהיים'. „ווער בין איך און ווער זענען זיי?
איך בין טאַקע אַ גאַנצער איך און זיי זענען
טאַקע אָ אַ'„, א. מ. קלאַפּ, אַ וואָלף אין אַ

,

שעפּסען פֿעלל, וואַרשע 1899.

4. זוו. ווי אַן אומקלאָרער (אויסמײַדנדיקער
ענטפֿער. מילדער, בּעסער ווי אָט, בּ5 (←.).
אויך: אָט אַזוי זיר. ‏.— וואָס מאַכט אַ
ייִד? — אָ אַ, (זיך),,..

,
טאָזיס — דער, ־ן. < איי < גר. (
מעדיצין) אײַנבּילדונג אַז מע הערט אַ גערויש אַרום
זיך.
ט אָ'ט — אַדוו. דזוו אָט, בּ2, אויך בּ1
-
(מער אַרויסגעהויבּן, עמאָציאָנעל). אָט־אָט ווערט

אַטאַל

עס דערזען. אָט־אָט שטייט עס דאָך. ,,ער זאָל
כאָטש וויסן אַז אָט־אָט ווערט ער אַ טאַטע,,,
שע, קליינע מענטשעלעך. ,,אָט־אָט וועט קומען
דער מאַן און בּרענגען די טויזנטער,,, ספּ,
ייִדישער קאָלאָניסט. ,,מיט אַ טיף־אינעווייניקסטן
קלאָג ווי אַ מענטש האַלט אָט־אָט בּײַם
אויסגיין,,, לדבּ, נ,,י תּשי,,ז. ,,אונטערצושפּאַרן דעם
בּאַלקן פֿון דער צײַט וואָס אָט־אָט פֿאַלט ער
אײַן“, קאָר I. אויך: אָט־אָט־אָט. ,,אַנו?
וואו זענען זיי? וואו? אָטאָ זענען זיי, אָ־אָ־

אָ',,, שע, מע▯Iיות פֿאַר ייִדישע קינדער I.

סובּ: פֿון וויַטסטן אַנומלט בּיזן נאָענטסטן

אָט־אָט ־יק — אַדי. נעאָל. ,,אויפֿגעהויבּן

.

ייִדיש איבּער די וואָלוועלע שרעקן פֿון

מאָמענטאַנעם און אָ,־אָ'ן אונטערגאַנג“, יג, תּוך I.

אַטאַ'ל — דער, ־ן. < אַראַבּיש. א▯י, בּיַים

אַלטן אַשכּנזישן ישובֿ. טרעגער. [שפּעטער אין

א▯י סבּל▯] ,,מע דאַרף נעמען אַן אַ', וועט

ער שוין אַרויסהעלפֿן“, רייד [קאָס].

אַטאָ'ל — דער, ־ן. < איי < מאַלאַאיש.

קליינער אינדזל

אָדער ג ר ו פּ ע

קליינע

.

אינדזלען, געפֿורעמט

פֿ ו ן קאָראַלן;

זעט אויס ווי אַן אָוואַלער רינג פֿון קאָראַלענע

פֿעלדזן מיט פֿלאַך וואַסער אין דער מיט. די

אַ'ן פֿון פּאַסיפֿישן אָקעאַן.

אָטאָלאָגיע — די. < איי < גר. טייל

מעדיצין וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאָרשן די

פֿונקציע און די קראַנקייטן פֿון אויער ־גיסט.

.

אָטאָלאַרינגאָלאָגיע — אויער־ אוו־
האַלדזוויסן.
אָטאַלגיע — די, ־ס. (מעדיצין). ← דפּוו.
ווייטיק אין (אינעווייניקסטן) אויער. ־גיש
— אַדי.
אָטאָלי'ט — דער, ־ן. אָנוואוקס פֿון (
איבעריקן) קאַלציום אין אינעווייניקסטן אויער פֿון
בעלי־חיים.
אַטאַלעע — די, ־ס. (באָטאַניק) פּאַלמע (35
וואַריאַציעס) פֿון די געגנטן בײַם
טײַך אַמאַזאָן. פֿון די אָדערן
פֿון די אַ'־בלעטער וועבט מען
אַ שטאַרקן שטאָף. פֿון דער
□
האַרטער פֿרוכט (אַ סאָרט נוס)
באַקומט מען אַן אייל, ענלעך
צום קאָקאָס־אייל. די האַרטע
שאָלעכץ פֿון דער פֿרוכט ווערט
געניצט צו מ אַ כ ן ק נ ע פּ.
.A□ □alea
אַטאָם — דער, ־ען. < איי < ל, גר [וואָס
מע קען ניט צעטיילן]. 1. דאָס קלענסטע
טיילכל פֿון מאַטעריע, חומר. אַן אַ, פֿון אַ
כעמישן עלעמענט. מאָלעקולן באַשטייען פֿון

אַ'ען. ,,דער בליק שטעכט אַדורך ד אַ'ען
י

פֿון אומענד", סוצ, וואַלדיקס. 2. (לויט
אַטאָמישער פֿיזיק) אַ גאַנצע מיקראָקאָסמישע
סיסטעם וואָס האָט פֿאַרשיידענע פּאַרטיקלען; האָט
אַ נוקלעאוס, אַ קערנדל מיט פּאָזיטיווער
עלעקטרע, אַרום עלעקטראָנען מיט נעגאַטיווער

עלעק858

טרע. אַ'ען־ש פּ אַ ל ט ו נ ג וואָס פֿירט צו אַן
אויפֿרײַס. די ערשטע אַ'־שפּאַלטונג — אין
אַ לאַבאָראַטאָריע פֿון שיקאַגער אוניווערסיטעט,
דעם 2טן דעצעמבער 1942. ,,דאָס איז עפּעס
אַ מין אַ, וואָס זײַן שפּאַלטונג קאָן פֿירן צו
אַן עקטפּלאָזיע און צו צעשטערונג,,, שנ,
קריטיק און קריטיקער. ,,איך, מלך ראַוויטש,
אַ שאָטן פֿון קאָסמישן עלעקטראָן אָדער אַ',
האַלט הײַנט דעם אוניווערס אין מײַנע הענט,,.
,,אין דער תּקופֿה פֿון אַ'־שפּאַלטונג איז
שווערער אויפֿצוהיטן אַנדערשקייט,,, ימ, אום.זער
שול, מעקסיקע 1948. אַטאָמאָלאָגיע —
וויסנשאַפֿט וועגן אַטאָם. ,,ס'איז ניט ווײַט די
צײַט, ווען מע וועט דאַרפֿן אין פֿיזיק

אָפּרוימען אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פֿאַר דער אַ',,,
□ שיט III, נ,,י 1912.
אַ'־ו ו אָ ג — וואָג פֿון אַן אַטאָם פֿון אַ כעמישן עלעמענט (די איינס איז די וואָג פֿון אַן אַטאָם פֿון הידראָגען, וואַסערשטאָף). טאַבעלע פֿון אַ,־געוויכטן. אַ'־וואַרעמקייט. אַ'־באָמבע. אַ,־טעסט. אַ'־סטרוקטור. אַ'־פֿיזיק. אַ,־שפּאַלטער.

אַטאַמאַ'ן — דער, ־ען (־עס). < אוק <

טאָטעריש [אַן אַנדער עטימאָלאָגיע: ־t □ au1 □] < mann]. 1. מיליטער־עלטסטער, אָנפֿירער ביַי אַמאָליקע קאָזאַקן. ,,דער אַ, האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג ווען יערמאַק וועט געזונט ווערן,,, ב. יאָגיכעס איבז, דער העלד יערמאַק, ווילנע 1874. ,,איין קורלאָוו...קלעקט אַנשטאָט אַ גאַנצע באַנדע פֿון דיַינע אַ'עס", פֿרוג II, 'דער מיניסטער'. ,,זיי ראַטעווען זיך פֿון די אוקראַאינישע אַ'ען מיט זייערע היַידאַמאַקעס", שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן 2 .II. אָנפֿירער פֿון אַ מיליטערישער גרופּע בכלל. ,,אַ'ען פֿון יעדער שלעכטער אומה..., איַיך אַלע פֿאַרטריַיבט ער געשווינד,,, ממוס, זמירות. ,,פֿאַר זיי איז אָבער איין ציל פֿאַראַן: שיצן קעגן קעניג זייער

אַ',,, אַל III, 'דוד און עדולם'. 3 פֿירער פֿון

.

אַ רויבער־באַנדע; הויפּט פֿון גזלנים.
אָנפֿירער פֿון אַ הפֿקר־חבֿרה. ,,ס'איז גאָר קיין
קינד ניט, ס'איז אַן אַ, — פֿלעגט איטשע
פֿון כּעס פֿאַרבײַסן די ליפּן", אי. דרוקער,
קלעזמער, קיִעוו 1940. ־יש — אַדי. ־שע
— 1. ווײַב פֿון אַטאַמאַן. 2. שפּאַסיק.
אָנפֿירערין פֿון אַ פֿרויען־גרופּע. די אַ'שע פֿון
די מאַרקייִדענעס. ווערב. ־נעווען.

.

אָטאָמאַ'ן — דער, ־ען. < איי < אַראַביש.
טערק. ־יש — אַדי. אָ'ע אימפּעריע. אָ'ע
דינאַסטיע. ← אָסמאַניש.
אָטאָמאַניזירן — טרוו. ־זיר, אָטאָמאַניזירט.
פֿירן צום אופֿן לעבן פֿון טערקן. די טערקן
ווילן אָ, די נאַצ, מיעוטים. מיט ז י ך —
,,[בן־צבֿי האָט געזאָגט] אַז ייִדן אין ארץ־ישׂראל
זאָלן זיך אין אַ געוויסן זינען אָ', ד"ה זיי
זאָלן זיך צופּאַסן צום טערקישן לעבנשטייגער",
מ. אָשעראַוויטש [בײַם איבערגעבן אַ
באַגעגעניש מיט בן־צבֿי אין 1907], פֿאָר, 24 1963 I.
־ונג.
אָטאָמאַנע — די, ־ס. פּפֿ: אָטאָמאַנקע.

טערקישע סאָפֿע. ווייך־געדעקטע קאַנאַפּע, „דער

אַטאָמיש

אַלטער האָט זי גענומען בײַ דער האַנט...און
ער האָט זי אַוועקגעזעצט אויף דער אָ,,,, ווײַס
I, 'איינער אַ מענטש'. „אויף אַ פּליושענע אָ,
אין דער פֿאָרעם פֿון אַ לייב איז געלעגן די
בלאָנדע אין אַ ראָז־זײַדענעם שלאָפֿראָק,,, אָפּאַ,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד.גנבֿ. „ער האָט נישט
געקאָנט רואיק כאַפּן דעם נאָכמיטאָג־דרימל אויף
דער ווייכער פּלושענער אָ',,, ייִז, ברידער
אַשכּנזי. „זי האָט אים דערוויסט [= דערווישט]
זיצנדיק אויף אַן אָטאָמאַנקע,,, אמד, דער
סולטאַן, ווילנע 1895.
אַטאָמיזירט — אַדי. פּאַר. ← דווו. „די
ייִדיש־סבֿיבֿה איז הײַנט נאָך אָן אַ שיעור
מער אַ, איידער ביזן חורבן,,, מוו, ייִשפּ XIX,
.2
אַטאָמיזירן — טרוו. ־זיר, אַטאָמיזירט.
צעטיילן, צעשפּאַלטן אויף איינציקע אַטאָמען.
צעברעקלען אויף די קלענסטע חלקים.
צעשטויבן. פֿיג: אַ, די אייגענע כּוחות. ־זאַציע.
־ונג. ־ער.

אַטאָמיזם — דער. בא. 1. סיסטעם פֿון
פֿאָרשן (טעאָרעטיש און פּראַקטיש) דאָס געבוי
פֿון אַטאָם. 2 פֿילאָסאָפֿישע סיסטעם, באַזירט
.
אויף דער השערה אַז דער אוניוועוס זאָל
האָבן אויפֿגעקומען פֿון אַ צופֿעליקער
קאָמבינאַציע פֿון אַטאָמען. דעמאָקריטס אַ,. ־יסט.
־יסטיש — אַדי.
אַטאָמיציטעט — די, ־ן. (כעמיע) סכום
אַטאָמען (און זייער אופֿן צונויפֿקייטלען זיך)
וואָס פֿון זיי איז פֿאָרמירט אַ מאָלעקול פֿון
אַן עלעמענט אָדער אַ פֿאַרבינדונג.
קאָמפּליצירטע אַ'. רינגאַרטיקע אַ,.
אַטאָמיק — די. וויסנשאַפֿט וואָס פֿאַרנעמט
זיך מיטן פֿאָרשן און אַנאַליזירן די סטרוקטור
און די ענערגיע פֿון אַטאָם (און דעם מעגלעכן
אָנווענד פֿון אַטאָם־כוחות).
אַטאָמיש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער איז
שייך צום אַטאָם. וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון
שפּאַלטן אָדער צונויפֿשמעלצן אַטאָמען. אַ'ע
ב אָ מ ב ע — אַ באָמבע וואָס איר
אויפֿרײַסכוח נעמט זיך פֿון פּלוצעמדיקן אַרויסבאַפֿרײַען
זיך פֿון אַ'ער ענערגיע [ווי אַ רעזולטאַט פֿון
שפּאַלטן די שווערע נוקלעאוסן פֿון פּלוטאָניום

(אוראַניום) דורך באָמבאַרדירן זיי מיט נייטראָנען]. אַ, ג ע ב ײַ. אַ'ע ו ו אָ ג ←
אַטאָמוואָג. אַ'ער ו ו אָ פ̄ ן. אַ'ע באַוואָפ̄ענונג. אַ'ע ט ע אָ ר י ע. אַ'ע מ אַ ס ע — רעלאַטיווע מאַסע פ̄ון אַן אַטאָם, אויסגעדריקט לויט דער סקאַלע ▯ () (זויערשטאָף) = 16. אַ'ע מ ל ־ ח מ ה — געפ̄ירט מיט אַ, וואָפ̄ן. אַ'ער נ ו ־ מ ע ר — לויט דער עלעמענטן־טאַבעלע, וואָס הייבט זיך אָן מיט 1 פ̄אַר וואַסערשטאָף, 4 פ̄אַר העליום אאַזוו ביז 238 פ̄אַר אוראַניום. אַ'ע ס ט ר ו ק ט ו ר. אַ'ע ע נ ע ר ג י ע — וואָס ווערט באַפ̄רײַט אָדער דורך שפּאַלטן די שווערע נוקלעאוסן פ̄ון אַטאָם אָדער דורך צונויפ̄שמעלצן גרינגע נוקלעאוסן אין שווערערע. אַ'ע ע פּ אָ כ ע — די תּקופ̄ה אין דער ציוויליזאַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן שפּאַלטן דעם אַטאָם. אַ'ע פּ ר אָ ב ע. ראַקעטן מיט אַ'ע קעפּ.

אַטאָמענווײַז

אַטאָמענווײַז — אַדוו. נעאָל. בּיסלעכווײַז, אַטאָם נאָך אַטאָם. „דער גראָער שטילער ראָסט וואָס פ̄אַרבט דעם פּיראַמיד, וואָס אומבאַמערקט

אַ, זיך קלײַבט און מערט...וואָס וואַרט אַן אײבּיקייט און סוף־כּל־סוף צעשטערט“, יהואָש, 1907.

אַטאָמער — דזוו טאָמער פֿטמ. פּר. ,,האָב
.
איך אויף די גאַז־מאַשינקע אין קוך געשטעלט אַ טשײַניק וואַסער צום וואַרעמען, אַ, דאַרף מען אַזוינס,,, ווײַס I ◻ י, 'ווי דער גורל פֿירט'.

אַטאַנאַזיע — די, ־ס. < איי < גר.
אומשטאַרבּלעכקייט. [ניט צונויפֿמישן מיט אייטאַנאַזיע ← ◻]

אַטאָנאַ'ל — אַדי. (מוזיק) וואָס איז געבּויט אָן אַ שליסל אָדער אַ טאָנאַלן צענטער; וואָס ניצט די פֿאַרשיידענע טענער פֿון דער כראָמאַטישער סקאַלע אויף אַ דיסאָנאַנטישן א ◻ יפֿן.
אַ'ע מוזיק. —קייט. אַטאָנאַציע, ־טעט — די אַ, פֿון די מאָדערנע קאָמפּאָזיציעס. ־יזם — שיטה וואָס נעגירט די קלאַסישע טעאָריע און האַרמאָניע פֿון מוזיק און האַלט אַז מע קען (דאַרף) בויען אויף דיסאָנאַנסן ־יסט.
.

אַטאָניע — די, ־ס. < איי < גר. 1. (
מעדיצין) 'ניט־געשפּאַנטקייט', שלאַבעריקייט, דאָס
פֿעלן פֿון נאַטירלעכער שטײַפֿקייט, באַזונדער
אין די געוועבן און מוסקלען. „אַ סך שפּײַז
קען ברענגען צו אַ מאָגן־קראַנקייט, קאַטאַר
...א, אאַ קראַנקייטן פֿון מאָגן“ פֿגעז, ווילנע
—
,
2 .5 1937, No. (פֿאָנעטיק) שוואַכקייט פֿון
אַרויסברענגען אַ קלאַנג וואָס האָט ניט אויף
זיך דעם אַקצענט.
־ניש — אַדי. אַ'ע צושטאַנדן. ־קייט.
אַטאָניק — די.
אַטאָסע — די, ־ס. וורר. o'roea: ־ <.
פּפֿ: אַטאָסיע (ווילנע), אָטראָסע (פּינסק).
דראָט, רימען אָדער שטריק וואָס בינדט
צונויף די אַקס מיט דער האָלאָבליע. אויך:
דינער אײַזנשטאַנג פֿון ברעג אַקס ביז צום פֿאָרנט
פֿון דער האָלאָבליע. „[די אַ'] האַלט געשפּאַנט די
האָלאָבליעס און דעם געשפּאַן פֿון פֿערד„, ייִפֿא,
1938, 5. „אַז מע פֿאָרט מיט זעליג דעם
בעלעגלה — איז וואָס זאָל זײַן? דאָ רײַסט זיך
אָפּ אַן אַ', די לייצעס צערײַסן זיך, די רעדער
סקריפּען„, אָנכי, 'מע פֿאָרט צום רבין'. „ווילן
זיך אַוועקלאָזן צו יודל דעם קרעטשמער מיט

זייערע אָ'ס און בײַטשן,,, מ. י. שעליובּסקי.
אָטאָסקאָ'פּ — דער, ־ן. < איי < גר. (
מעדיצין) אויער־שפּיגל. אינסטרומענט צו בּאַקוקן
דעם אינעווייניקסטן טייל פֿון אויער.
אָטאָסקלעראָ'ז — דער. מצ נבֿ. < איי < גר.
(מעדיצין) 'פֿאַרהאַרטונג פֿון אויער,
פֿאַרהאַר.
טונג פֿון די בּיינדעלעך אין אינעווייניקסטן אויער
און די פֿאַרבּינד־געוועבן צווישן זיי. אָ, פֿירט
צו טויבּקייט פֿון אַלע מינים טויבּקייטן איז
. ,,
אָ'...איינע פֿון די געהיימנישפֿולסטע...אַ
כּסדרוואַקסנדיקע טויבּקייט,, פֿגעז, ווילנע 1937,
,
.8־No 7
אָטאָפּלאַסטיע — די, ־ס. < איי < גר.
(מעדיצין) פּלאַסטישע אָפּעראַציע אויף אַן אויער

(כיוורגישע אויסבּעסערונג פֿון אַ דעפֿאָרמאַציע
אָדער דעפֿעקט פֿון אויער). ־טיש — אַדי.
אָטאָפּלעניע — די, ־ס. רוסיצ. נר.
בּאַהייצונג. ,,אַ ווערטעלע אויסצורעדן — די

ראַסכאָדן...אָ,...און נאָך אַזעלכע, כּדומה וכּדומה“,
בּניס מעיר קטנה, מײַן ליבּער גאַסט,
בּאַרדיטשעוו 1901.
אָטאָפּאָ'ן — דער, ־ען. < איי < גר.
טרײַבּל וואָס מע שטעלט צו צום אויער כּדי בּעסער
צו הערן בּײַ שווערהעריקייט [אַרויס פֿון
בּאַנוץ נאָכן אײַנפֿירן דעם עלעקטראָנישן
העראַפּאַראַט].
אָטאָצי'סט — די, ־ן. < איי < גר. (
זאָאָלאָגיע) ,געהער־בּלעזל, וואָס פֿירט אויס די
פֿונקציע פֿון די אויער־בּיינדלעך בּײַ בּעלי־חיים
אָן אַ חוט־השדרה. אין אָ, איז דאָ אַ
פֿליסיקייט. דאָרטן קען אויך זײַן אַן אָטאָליט (←.).
אַטאַ'ק — דער, ־ן. אויך: אַטאַקע, די, ־ס
(←.). < איי < פֿר. 1. דאָס פּלוצעמדיקע
קראַנק ווערן; דאָס פּלוצעמדיקע פֿאַרשטאַרקן
זיך פֿון אַ קראַנקייט. קריגן אַן אַ, פֿון
שווערע ווייטיקן. קריגן, דורכלעבּן (שטאַרבּן פֿון)
אַ ה אַ ר צ אַ '. קומען צו זיך נאָך אַ נ ע
רו ו ן אַ ,. אַן אַ, פֿון גאַזן אין מאָגן. אַן
-
אַ, פֿון אַ ווירוס. 2. דזוו אַטאַקע, בּ1 ←.
3. אָנפֿאַל, איבּערפֿאַל (מיט געווער, מיט
פֿיזישן כּוח). אַן אַ, פֿון כוליגאַנעס פֿון

פּאָ,
גראָמשטשיקעס. אַ פּלוצעמדיקער אַ, אויפֿן
קעגנערס טויער. 4. אָנפֿאַל מיט רייד. זייער
שאַרפֿע קריטיק. אַן אַ, פֿון דער מאַרקייִדענע.
אַן אַ, פֿון אַ בייזוויליקן קריטיקער. 5. רייד
מיט האַרבע אָדער היציקע טענות. אַן אַ, מצד
דעם אָפּאָנענט. 6. אָנהייב פֿון אַ סכּנהדיקער,
ריזיקאַלישער אָדער באַהאַרצטער אונטערנעמונג.
אַן אַ, אויפֿן פֿאַרשנייטן באַרג צו דערגיין צו
זײַן שפּיץ. אַן אַ, קעגן קאָנקורענט מיטן
שנײַדן די פּרײַזן פֿון אַלע סחורות.
7. (מוזיק) מיטאַמאָליקער אָנהייב פֿון אַ
צאָל שפּילערס אין אַן אָרקעסטער בײַם
אויספֿירן אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. די
פֿלייטיסטן הייבן אָן דעם אַ, פֿון דער אוווערטורע. מיט
דעם בּ אויך: אַטאַקאַ.
אָטאָקאַטאַ'ר — דער, ־ן. (מעדיצין)
אָבּסטרוקציע, קאַטאַ'ר אין אויער.
אַטאַק טיק — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
דאָס פֿעלן פֿון קאָאָרדינאַציע,
אומקאָאָרדינירטקייט פֿון באַוועגונגען ־טיש — אַדי.
וואָס
.
האָט אַ שײַכות צו אַטאַקטיק. „די באַוועגונגען

פֿון די פּיס [בײַ קינדער נאָך פֿאַרגיפֿטונג מיט
טאַ] זענען געווען ווי אַ'ע,,, 'טאָז, שריפֿטן,
וואַרשע 1929.
אַטאַקירן — טרוו. ־קיר, אַטאַקירט. 1.
אָנפֿאַלן, באַפֿאַלן, איבערפֿאַלן מיט כוח, מיט
געווער. ← אַטאַקע, ב1. אַ, דעם שׂונא אויפֿן
גאַנצן פֿראָנט. אַ, מיט אַ שווערער
באָמבאַרדירונג. ,,האָבן אונדז אַטאַקירט פֿון אַלע זײַטן
מיט גרויס מהירות“, אמד, דיא וויס ווענײַ
אַהאַראַ, ווילנע 1868. “האָבן אים אַ גרויסע
שײַקע רויבערס אַטאַקירט אין אַ געדיכטן וואַלד,,,
ג, ל, כ, ז, איבז, קאַמבער מיט דער

פּרינאָטאַרע

צעסין אַרעסיניע, ווילנע 1870. אַ, מיטן
שפּרינגער ביידע ראָכן.
2. באַפֿאַלן מיט קלעפּ אָדער זידלערײַען. אַ,
.
מיט ציין און נעגל = מיט גרויס אימפּעט,
מיט פֿאַרביסנקייט.
3. שאַרף קריטיקירן (בעל־פּה אָדער בכּתבֿ).
,,איזט מיר לנחת צו פֿאַר נעמין דאשׂ...זאָלכי
היפּשי גילעגנהייט גיטראָפֿן...דעם בר־הכי על

אופֿן זה אַ, צו קענין“, אגרת שלמה, טו/א.
,,די יוגנט איז אַטאַקירט געוואָרן פֿאַר
לײַכטזין און פֿאַר אויספֿעל פֿון אמתע גײַסטיקע
אינטערעסן,,, צײַט, טמז, 21 1958 III. ,,אַז
איר לויבט אַ שרײַבער, איז עס אינטערעסאַנט
נאָר פֿאַר די וואָס האָבן אים געלייענט.
אַטאַקירט איר עמעצן, איז יעדער גרייט
צוצושטעלן אַן אויער,,, שנ, קריטיק און
קריטיקער. ,,איך וויל פּרובירן אין קאַמף זיך שטעלן
אויפֿדאָסנײַ, מיט נײַע קרעפֿטן אַ,
אוממענטשלעכקייט און טיראַנײַ,,, דוד עדעלשטאַט.
4. אַמ. פֿאַרגוואַלדיקן, מאַנס זײַו. אויך פּרוּוון
פֿארגוואלדיקן. אַ אַ פֿרוי. 5. אָנגרײַפֿן,
שע,

דיקן. שלעכט ווירקן. ,,דאָך פֿלעגט כלאָראָפֿאָרם
ערנסט אַ, די בלוט־צירקולאַציע און עטער —
די אָטעמונג,,, פֿגעז, ווילנע 8 1940, No.
אַטאַקסיע — די, ־ס. < איי < גר. (מעדיצין)
קרענקלעכער, פּאַטאָלאָגישער צושטאַנד בײַם
פֿונקציאָנירן פֿון די באַוועגונג־אבֿרים.
שטערונג אין דער קאָאָרדינאַציע פֿון די מוסקלען.

־סיש — אַדי.
— אַק􏰀אַל פֿון אַ באַוואָפֿנטער (מיליטערישע􏰀)
1
אָט — די, ־ס. אויך: אַטאַ'ק􏰀).
. אָנ
גרופּע אויף אַ שׂונא (מיט אַן עלעמענט פֿון
פּלוצעמדיקייט). קאַוואַלערישע אַ'. בײַנאַכטיקע
א, פֿראָנטאַלע אַ,. ״די אָפּענסיווע האָט זיך
—.
אָנגעהויבן מיט אַ'ס איבערן גאַנצן פֿראָנט״.
אַן אַ, מיט גיפֿטיקע גאַזן. „לויט
אומבאַשטעטיקטע באַריכטן האָבן מיליץ־אָפּטיילונגעו זיך
באַטייליקט אין די אַ'ס אויף די
דעמאָנסטראַנטן„, טמז, 2 .1 1963 I. דזוו אַטאַק מיט
אַלע
בב. „אויף אַ צוזאַמענקום פֿון אייגענע
מענטשן האָב איך געהאַט אויסצושטיין שווערע
אַ'ס מצד דעם ווייכהאַרציקן י. דינעזאַן„, מוק,
פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטער.
אַטאַ'ר — דער, ־ן. < איי < פּערסיש.
עטער, פּאַרפֿום פֿון בלומען. ספּעצ
שמעקעדיקער אייל פֿון רויזנבלעטלעך.
אַטאָר — < ל. אָפּטער סופֿיקס אין

אינטערנאַציאָנאַליזמען, למשל: אַגיטאַטאָר, אַדמיניסטראַטאָר, אינאָוואַטאָר, איניציאַטאָר, נאַוויגאַטאָר, נאַראַטאָר, פּראָוואָקאַטאָר.
אַטאָרמענטירן — טרוו. ־טיר, אַטאָרמענטירט. שפּאַ. פּײַניקן, מאַטערן. „הער אויף מיך צו אַ'", רייד (אַרגענטינע). „די רעבעלן אַ, די פּרידלעכע באַפּעלקערונג„, צ'.
אַטאָרע, אָטאָרע — די, ־ס. 1. דזוו אוטאָרע ←. 2. שפּיצן, אונטן אין אַ קלייד.
אָטאַרע — די, ־ס. > אוק. סטאַדע שעפּסן. „אין באַגינען, ווען די ווײַסע כמאַרעס שטייען אויפֿן הימל — קלאָרינקע אָ'ס, טרינקען קאַלטע וואַסער פֿון דעם טײַך דעם שטילן„, I אָפּ,

אָטאַרקע

'וואַלד־געזאַנג'. אָטאַרשטשיק — דער. פּאַסטעך וואָס פּאַשעט שעפּסן.
אָטאַרקע — די, ־ס. סל. פּאַסטעך־בײַטש מיט אַ לאַנגן רימען צו טרײַבן די שעפּסן. פֿרגל אָטאַרע.
אַטאַשאַ'ט — אַדי. a a a: . > ..
צוגעקלעפּט, צוגעהעפֿט, פֿאַרבונדן. „דאָס צווייענדיקע פֿענצטער [פֿאַר דעם ווינטער] איז גוט אַ'„. „ער

איז מיט אים קנעפּל־פּעטעלקע, אַ, ווי אַ
צווילינג,,, רייד (בּע□).

אַטאַשירן — שיר, אַטאַשירט. < פֿר. אוטוו
— זײַן, דינען ווי אַן אַטאַשע. אַ, אין אַן
אַמבּאַסאַדע. טרוו — 1. בּאַשטימען עמעצן אויף
אַן אַמט. אַ, דעם דורכגעפֿאַלענעם קאַנדידאַט
אויפֿן פּאָסטן פֿון אַן אַמבּאַסאַדאָר. 2. (אין
ייִדיש פֿון פֿראַנקרײַך) צובינדן, אײַנבינדן. אַ,
אַ פּעקל מיט אַ שטריקל.

אַטאַשע, — דער, ־ען. < פֿר [= צוגעבונדן].
מיטגליד פֿון פּערסאָנאַל אָדער שטאַב אין אַן
אַמבּאַסאַדע אָדער לעגאַציע. האַנדלס אַ'.

פּרעסע־אַ'. מיליטערישער אַ'. אַרויסשיקן דעם אַ,
וואָס מע בּאַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש.

אָטבּאָ'ר — דער, ־ן (־עס). רוסיש. אָפּקלײַב.
מאַכן אַן אָ'. ,,די פֿיש פֿלעגט מען...סאָרטירן
אויף דרײַ מינים: אָ, — גרויסע פֿיש,
האַלבּאָ, — מיטעלע און דראָב — קליינע“, ה.
אַבּראַמאָוויטש, פֿון נאָענטן עבֿר, וואַרשע 1937.
־נע — אָדי. אַן אָ, קאָמאַנדע.

אַ“ט־בּ“ה — [אַט־בּאַ'ה פּערמוטירטע פֿאָרעם
פֿון אויסשטעלן דעם אַלף־בּית (לויט דער
סיסטעם פֿון ר, חייא). < סוכּה, נב/ב. די

ערשטע נײַן אותיות ווערן גרופּירט פּאָרווײַז צו בּאַטרעפֿן 10 (אָט, בּח, גז, דו, ה ווערט אויסגעלאָזט); די צווייטע נײַן אותיות — צו בּאַטרעפֿן 100 (יצ, כפּ, לע, מס — נ ווערט אויסגעלאָזט); די לעצטע פֿיר אותיות קאָמבּינירן זיך מיט די סוף־אותיות און ס'ווערט אָפּגעמאַכט אַז זיי בּאַטרעפֿן 1,000 (קץ, רף, שן, תּם — ך ווערט אויסגעלאָזט); די דרײַ אויסגעלאָזטע ה, נ, ך זײַנען אַ קאָמבּינאַציע פֿאַר זיך. אַזוי ווערט געשאַפֿן אַ געהיימשריפֿט און אויך אַ מיטל צום דרוש, ווײַל די אותיות פֿון יעדער גרופּע קענען זיך פֿאַרבּײַטן איינע מיט די אַנדערע. [אויף דעם סמך פֿאַרטײַטשט ר, חייא דאָס וואָרט מנון (משלי, כט, 21) מיטן אַרמישן וואָרט סהדה, עדות, בּאַווײַז.] „איך קען עס ניט דורכלייענען, ס'איז אַ מין אַ"ט־בּ„ח„. „גיי פֿאַרשטיי זיך אויף אַ"ט־בּ"ח".

אָטגאָראָד(י)ען — דזוו אָגאָראָדען ←. אָ, אַ שטיקל גאָרטן פֿאַר די קינדער, זיי זאָלן האָבּן וואו זיך צו שפּילן. אָ אַ האַלבּע שטובּ

,

פֿאַרן יונגן פּאָרפֿאָלק.

אָטגאָראָדקע — די, ־ס. דזוו אָגראַדע ←. אַן אָ, צווישן די קי און די גענדז. די אָ, איז

געמאַכט געוואָרן פֿון אַבּאַפּאָלקעס (←).

אָטגרוזשען — טרוו. ־זשע, אָטגרוזשעט. אויך: אָטגרוזעווען. רוסיצ. דזוווו אויסגרוזען ←.

אָטדאַטשיק — דער, ־עס. רוסיצ. 1. באַאַמטער פֿון אָרטיקער פֿאַרוואַלטונג וואָס זײַן

פֿונקציע איז געפֿינען און אָפּגעבּן רעקרוטן פֿאַר דער צאַרישער אַרמיי. „אויף דעם באַקליידן פֿון די רעקרוטן זאָל מען נעמען בײַ די אָ'עס געלט, נאָך דעם פּרײַז וואָס דאָס באַקליידן קאָסט דעם קריגס־מיניסטעריום“, קמ, 2 .45 1868, No. אָנגעשטעלטער בײַם ק ה ל וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט געפֿינען ייִדישע רעקרוטן. ,כאַפּער, בעת דער קאַנטאָניסטן־גזירה. „מיט די ראָשי־הקהל, אָ'עס וועלכע גיבּן אָפּ רעקרוטן, בעלי־טאַקסעס...וכדומה — זאָלסטו תּמיד אַ דורש בשלומם זײַן“, יצחק־בער לעווינזאָן, הפֿקר־וועלט.

אָטדאַליען — טרוו. ־ליע, אָטדאַליעט. רוכויצ. האַרקאַווי. דערווײַטערן. אָ, עמעצן וואָס בּרענגט נאָר שאָדן. אָ, דעם חתונה־טאָג = אָפּלייגן דעם טאָג פֿון דער חתונה. אָ, פֿון פּאָסטן =

אָפּזאָגן, באַזײַטיקן. אויו מיט ז י ו — אָ, זיך
פֿון חבֿרים.
אָט דאָ'ס   אָט + דעמאָנסטראַטיווער פּראָ.
-

אַזוי אויך: אָט די,, אָט דע'ר, אָט דע'ם.
אויך: אָטאָ דאָס אאַזוו. זייער אָפֿט, ווײַל עס
איז אַ בּולטער מיטל אונטערצושיידן דעם
פּראָנאָם פֿון אַרטיקל. אַנשטאָט 'דיזע(ס), אאַזוו.
,,אָט דאָס דאָזיקע בּחורל איז טאַקע אַ שליח
פֿון גאָט,,, ממו, שלמה. ,,איר זאָלט
אַוועקוואַרפֿן אָט דאָס טומלדיקע פּאַריז“, שע,
קליינע מענטשעלעך. ,,אָט דאָ'ס לאַנד איז געווען
אַ ריין־סעמיטיש לאַנד, קאָר II. דער שרײַבער
פֿון אָט די שורות פֿונעם אורשטאַם אָט די
,, .
העלדן שטאַמען,,, מלכּה לי. “אָט די, מיידל
וועט עס זײַן דײַן כּלה?,,, רייד. ,,נישט שוין
זשע איז דאָס ער? אָט דע'ר וואָס זי האָט
אים אויסגעוואַרעמט אין אירע געדאַנקען?,,,
שע, בּלאָנדזענדע שטעדן II. ,,ער איז נישט
געוואוינט צו אָט דעם מין מיידלעך“, ייִז, משפּחה
קאַרנאַווסקי. ,,האָט געלערנט, אָטאָ דע'ר
ווײַסער־חבֿרהניק, בּײַ אַ גוטן רבּין“, דער

לאָדזער סוחך, באַרדיטשעוו 1910. „מיט איר האָסטו
עסקים? מיט אָטאָ דע'ר?„, רייד. „אָט דע'ם
לערער האָבן די קינדער ליב געהאַט“, רייד.
אָט דאָשקי דאָ דאָשקי — אַדוו פּראַזע.
רוסיצ. פּפֿ: אָט דאָסקי דאָ דאָסקי.
'פֿון ברעטל צום ברעטל, = פֿון דעם ערשטן
זײַטל ביזן לעצטן. „אין אַנדערע שטעט וואו
עס איז דאָ שולן זיצט מען טאַקע אויף דער
ערד און מע זאָגט טאַקע אויס די קינות אָ,
ד, ד, ד'„, קמ, 40 1866' No.
אָטדושניק — דער, ־עס. רוסיצ. לופֿטשיק.
פֿענצטערל אָדער עפֿענונג אַרײַנצולאָזן פֿרישע
אָדער אַרויסצולאָזן די פֿאַרדעמפּטע (וואַרעמע)
לופֿט. עפֿענען דעם אָ', דורכלופֿטערן דאָס
צימער. “מעשענע אָ'עס“, קמ, 1866, No 14.
אָטדיכען (זיך) — אוטוו. ־כע (זיך), (זיך)
אָטדיכעט. פּפֿ: אָטדעכען (זיך). סל.
אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָנהייבן אָטעמען נאָרמאַל
נאָכדעם ווי דאָס אָטעמען איז געוואָרן
אָפּגעהאַקט. “לאָזט דעם מענטשן אָ', איר זעט דאָך,
ער איז מער טויט ווי לעבעדיק“, רייד.
אָטדיע'ל — דער, ־ן. רוסיצ. נר. אָפּטייל.
אַנשטאַלט אָדער טייל פֿון אַן אַנשטאַלט. „האָבן
זיי באַלד געמאַכט לאַגערן..., און יעדע נאַציאָן

אַטו

באַזונדער האָט זיך געמאַכט איין באַזונדערן
אָ',,, אמד, דיא וויסט ◻ נײַא זאַהאַראַ, 1868.
אָטדיעל(י)אַנקע — די, ־ס. < פּויל, וור.
טייל פֿון אַ גרעסערן וואַלד. ,,קלענערע סוחרים
האָבן געקויפֿט טיילן פֿון וואַלד, אָ'ס האָט
מען זיי גערופֿן", אַבֿרהם עין, ויִבּל ◻ י3 ,XX.
אָטדיעל(י)עניע — די, ־ס. רוסיצ. נר.
אָפּטיילונג, דעפּאַרטאַמענט. ,,[דער מגיד] האָט
ערקלערט ווי דער גיהנום איז אײַנגעטיילט אין
חדרים און עס איז פֿאַראַן איין אָבשטשע
גיהנום און ווידער באַזונדערע אָ'ס", קמ, 1867,
No 34. אָכראַנע אָ, (געוויינלעך:
אָכראַנקע) = געהיים־פּאָליציי אין צאַרישן רוסלאַנד.
,,דער זשאַנדאַרמסקער: לויט דער פֿאָרשריפֿט
פֿון אָכראַנער אָ אַרעסטיר איך אײַך,,, סינאני,
◻
,
דיע ◻ טערטהעניגע, זשענעוו 04 ◻ 1. ווערבּ:
אָטיאַיען.
די אַך

אָט(ד)עך — דער. מצ נבֿ. פּפֿ: אָטדיר. סל.
אָפּרו. איין טאָג אין וואָך איז אָ'. נאָך דער
שול איז בײַ מיר דער בעסטער אָ, האַקן
האָלץ. „מע האָט דעם גענעראַל משלח געווען,
געשיקט אויף אָ,“.

אַטו — אָפֿטער אויסדרוק אין גמרא־לשון מיטן
בּ: צי דען זשע? מײַנסטו טאַקע? קומט אין
פֿראַגעס מיט אַ טענה, מיט רוגזא אָדער
פֿאַרוואונדערונג. אָנהייב־וואָרט פֿון אַ צאָל ציטאַטן
פֿון גמרא, געניצט צווישן תּח.

אַ, אנן קטלי קני בּאגמא אנן □ —
[אַנאַן קאַטליי קאַניי בּייאַגמאָ...] < סנהדרין,
לג/א; שבּת צה/א. ‚צי דען רײַסן מיר
טשערעט (שטעקלעך, ריטלעך) בײַ דער אָזערע?'.
געניצט מיטן בּ: צי זײַנען מיר עפּעס שיפּע
זיבּעלעך? אַבּי ווער?

א, בּקבּא דקירא אידבּקנא בּכו □ —
[בּייקאַבּאָ דעקירע אידבּאַקנאָ בּעכו □] < סנהדרין,
כט/א. 'צי בּין איך צוגעקלעפּט צו אײַך מיט
אַ קבֿ וואַקס?,. מיטן בּ: צי בּין איך אַ
נוגעבּדבֿר? צי מוז איך זיך נאָכשלעפּן נאָך אײַך?

אַ, בּרשיעי עסקינן □ — [בּעראַשיאיי

אַסקינאָן] < יומא, ו/א. 'צי האָבן מיר צו
טאָן מיט רשעים?'. מיטן בּ: האָבּן מיר דאָ צו
טאָן מיט הפֿקר־מענטשן, מיט מופֿקרים? ,,קאָנסט
מיר געטרויען אַ הלוואה אָן אַ וועקסל? אַ,
בּ, ע,?"

אַ, בשופֿטני עסקינן ▯ — [בּיישו'פֿטענע
אַסקינאָן] < בּבֿא קמא, פֿה/א; בּבֿא בּתרא,
קכב/א אאַ. ,צי האָבּן מיר דאָ צו טאָן מיט
שוטים, אידיאָטן?'. מיטן בּ: נאָר טיפּשים (
אומנאָרמאַלע) וועלן אַזוי האַנדלען; אַ בּר־דעת
וועט עס ניט טאָן. ענלעך צו: אין מבֿיאין
ראַיה מן השוטים. ,,וועט עמעצער זיך לאָזן
אָפּשנײַדן אַ האַנט פֿאַר געלט? אַ, בּ, ע'?"

אַ, כולהו בּהדא מהתא מהתינהו ▯
— [קולהו בּעכאַדאָ מאַכסאָ מאַכסינהו] <
בּרכות, כד/א. 'צי ווילט איר אַלץ אין איין
געוועבּ פֿאַרוועבּן?'. מיטן בּ: צי קען מען
קלאַסיפֿיצירן אַלע פֿאַלן אונטער איין
קאַטעגאָריע? ענלעך צו: זײַנען זיי פֿון איין טייג
געקנאָטן? וואָס מישט איר אויס קאַשע מיט
בּאָטווינע? וואָסערע שײַכות האָט קדחת מיט
צו־להכעיס? וואָס האָט עס איינס צום אַנדערן?

□

אַטו,

אַ, כּי רוכלא ליהשוּבַ וליזול □ —

[קי רויכלע לייכשאָוו וויילייז □] > גיטין, לג/א

אאַ. 'צי דאַרף מען ווי אַ קאַראַבעלניק
אַרומגיין און אויסרופֿן, (אַלע סחורות)? מיטן ב:
מוז מען אַרויסזאָגן אַלץ, מיט אַלע פּרטים?
דאַרף מען דען נאָך מער באַווײַזן? אויך:
... רוכלא ליתני וליזול, < בבֿא קמא,
לו/ב — מיטן זעלביקן ב. אויך:... ליזיל
ולימני. „איך וואָלט געקענט אײַך דערציילן
וועגן אַנדערע לײַסטונגען אויף פֿאַרשיידענע
געביטן. אַ, כ, ר, ל, ול'", הרבֿ ד.
סאָלאָווייטשיק פֿון אַ דרשה, תּשכ"ב.

אַ, כּל דלא ידע האָ...לאַוו גבֿרא
רבה הוא — [קאָל דלוי יאָדאַ... גאַוורא
ראַבאָ הו] < גיטין, ו/ב. 'צי דען איז יעדער
איינער וואָס ווייסט דאָס ניט, ניט קיין אָדם
גדול?'. מיטן ב: מע קאָן זיך זײַן אַ למדן
און ניט זײַן באַהאַוונט אין אַלץ; מע מוז
ניט זײַן אַ מומחה אויף אַלע געביטן.

אַ, לא ידענא דשפּיר קאָ מינא —
[לוי יעדאַנא דעשאַפּיר...] < בבֿא מציעא,
פֿד/א. „צי דען ווייס איך ניט אַז כ'בין
גערעכט?'. מיטן ב: איך בין טאַקע גערעכט,
אָבער דו דאַרפֿסט ניט צובאַמקען (פֿרעג
בעסער אָפּ, ועט פֿאַרפֿירט ווערן אַ וויכּוח).

אַ'...מלתא זוטרתא היא — [מילסע
זו'טרעסע הי] < ברכות, לג/ב אאַ. 'איז דאָס
אַ מינערוווערטיקע זאַך?'. ,,איין קלייניקייט,
יראת שמים — אַ, מ, ז, ה'?‟
אַטו, — אינטעריעקציע. אויסרוף בײַם רייצן
אַ הונט אויף עמעצן. אַ', אַ,, כאַפּ אים, נעם
(אים)! ,,אַטו־ו־ו, ווײַסע־חבֿרהניקעס! אַטו־ו־ו...‟,
מגן דוד, אַ בליק צוריק, אַדעס 1902.
אָטוואַגען זיך — אוטוו. ־גע זיך, זיך
אָטוואַגעט. סל. < פויל. דזוו אָטוואַזשען זיך.
,,ביז קוים מיטאַמאָל האָט זיך יאַקובקע
אָטוואַגעט און פֿרעגט אים‟, ייִפּאָל, 29 1887, No.
אָטוואָד — דער, ־ן. רוס. 1. אָפּיציעלער
פּראָטעסט וועגן אָפּזאָגן עמעצן פֿון נעמען
אָנטייל אין עפּעס. ,,איך הער זי ווי די קאַץ,
איך וועל מאַכן אַ בעסערן אָ, פֿאַר
פּלוידערמאַן פּיאַניצע!‟, פּרץ, 'דער דין־תּורה'. 2.
אָפּצי, אָפּפֿיר. קאַנאַווע. מאַכן אַן אָ, אָפּצוציִען
דאָס רעגנוואַסער.
אָטוואַזשנע — אַדי. רוסיצ. מוטיק,
באַהאַרצט, דרייסט. וואָס רעכנט זיך ניט מיט
אַ סכנה אָדער מיט קרבנות. אײַנשטעלעריש.
,,אָ, מענטשן געווינען אַפֿילו ווען זיי קומען
אום,,, רייד. די אָ', כוואַטסקע ייִדענע. ,,דיזער

...וואַר אַזוי דער קליגסטער און דער אָ,
אונטער דיזער קאָמפּאַניע“, אמד, די
שקלאַווערײַא, ווילנע 1887. סוב — אָ'(ר). אויך:
אָ'ניק — „אַ מאַנספּערזאָן, אַ פּראָסטער
מענטש, אָבער אַן אָ', האַלט אויף אַ שטיק
האָלץ דעם כשר־שטיין„, דער יוד, פֿאַר־פּסח,
וואַרשע 1881. „...און זיי האָבן געגעבן צו
פֿאַרשטיין די אָ'עס“, מ. י. שעליוב□קי, אויף
אַ פֿולעך וואָך.
אָטוואַזשען זיך — אוטוו. ־זשע זיך, זיך
אָטוואַזשעט. □si □a□a□ י1(o:□ < . פָּטמ. דזוו
אָדוואַזשען זיך ←. דערוועגן זיך. זיך אָננעמען

מיט מוט. קריגן מוט, באַהאַרצטקייט. „דאָס
וואָס פֿאַר די בייזע מעשׂים איז באַשערט אויף
דער וועלט דאָס געשעט ניט אַלעמאָל זאַריז,
איבער דאָס אַדוואַזשען זיך די מענטשן בייז
צו טאָן“, מס, קהלת, תּקע„ט, ח, 11. „און
אין קהלשע זאַכן שטעקן ניט אָ, זיך די נאָז„,
ח. אַלעקסאַנדראָוו (מילער), 'וויגליד, [ייִבל □XX,

2]. „איינער אַ יונגער חבֿרה־מאַן האָט זיך אַפֿילו אָטוואַזשעט אַמאָל פֿאָרצולייגען...אין קלויז פֿאַרן עמוד...„, א. י. פּאפּערנאָ. „אָטוואַזעט ער זיך גאָר אײַנצובילדן אַזאַ זאַך„, ש. בּ. [בּיקסאָן], דעך טאַנץ קלאַס, ווילנע 1898.

אָטוואַך — דער, ־ן. דזוו אָדוואַך ←.

אָטוואַ'ל — דער, ־ן. רוסיצ. 1. אָפּלייג, פֿאַרבייג אין אַ מלבוש. *זיך אָנעסן ביז אָ, = ביז עס נעמט שוין שטויסן אויף צוריק. 2. אָפּריס (פֿון אַ באַרג). אַרויספֿירן דאָס מיסט אויפֿן אָ'. 3 פֿאַרקײַלעכטער טייל פֿון אַקער

.

אויף איבערצוקערן די אויסגעאַקערטע ערד.

אָטוואָצק — גנ. קוראָרט, 28 ק"מ פֿון וואַרשע. 1939 — 10,000 ייִדן. אין די סעזאָן־חדשים פֿלעגן זײַן אַן ערך 30'000 ייִדישע געסט. אָ'ער דאַטשעס. אָ'ער לופֿט. צווישן אָ, און מיעדזעשין איז געווען די קינדער־סאַנאַטאָריע אויפֿן נאָמען פֿון וו. מעדעם. די נאַציס האָבן פֿאַרפּײַניקט די אָ'ער ייִדן אין די לאַגערן פֿון טישאָווצע און קאָרטשעוו.

אָטוויאָרטקע — די, ־ס. פּפֿ: אַט.... < רוס. שרויפֿנדרייער, שרויפֿנציִער. „דערלאַנג מיר די אָ', איין שרויף איז לויז", רייד.

אָטוו(י)ע'טסטווענאָסט — די, ־ן. דןס [געניצט בלויז אין שטאַרק פֿאַררוסישטן ייִדיש]. אַחריות פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. „די אָ,

,

פֿון אַזעלכע באַטריגערײַ קען איך איבער זיך ניט נעמען בשום אופֿן„, פּי„ם [פֿריק] ממינסק, דער אונגעניטער סוחר, 1875. „ער וויל ניט הערן וואָס מיר זאָגן אים, האָבן מיר אַראָפּגענומען פֿון זיך יעדער אָ'“, בערג, בײַם דניעפּער.

אָטווע'ט — דער, ־ן. רוס [געניצט בלויז אין שטאַרק פֿאַררוסישטן ייִדיש]. ענטפֿער. תּשובֿה. „'אויף מײַן אָ', האָט זיך קויפֿמאַן אָפּגערופֿן„, צ. נ. גאָלאָמבֿ, אַ יונגע טויב פֿאַך אַ קרבן, 1895.

אָטוועטשאַיען — אוטוו. ־טשאַיע, אָטוועטשאַיעט. רוטיצ. ענטפֿערן, טראָגן אַחריות. ערבֿ זײַן. „זאָג נאָר מיט וואָס אָטוועטשאַיעסטו מיר פֿאַר מײַן קינד?„, שע, 'דער גט'.

אַטו'ט — דער, ־ן....tou▯e ▯ ,▯ou▯ ▯ :▯ .▯ <. פּר. גאַליציע. אויך: אַטו'. טרומף. יום־טובֿ, קאָזיר. „דאָס נײַנטל איז געווען אַן אַ, וואָס שלאָגט די שטאַרקסטע קאָרט“, י. העשעלעס.

אַטוירני — דער, ־ס. אַמ. ▯a▯torne: ▯־ <־

1. אַדוואָקאַט (געוויינלעך — לאָיער). 2. פּראָקוראָר. דיסטריקט־אַ, = פּראָקוראָר פֿאַר אַ דיסטריקט, אַ קאַונטי (←). אַ'־ דזשע' נעראַל = הויפּט פֿון יוסטיץ־דעפּאַרטמענט אין אַ שטאַט; הויפּט פֿון יוסטיץ־דעפּאַרטמענט פֿון דער פֿעדעראַלער רעגירונג, ענלעך צו יוסטיץמיניסטער.

אַטיטודע

אטון מצרים — [אייטן מיצראַיִ] פֿראַזע. תּח. < משלי, ז, 16. [תּי: „געשטרייפֿטע געשפּינסן„]. געפֿלאָכטענע שטיקערײַ פֿון מצרים. „דאָס בעטגעוואַנט־אייטל א, מ', צאַרט ווי די וואַרעמע בלעטער פֿון אָרכידעעס“, ייִט, טמז, 22 1960 X.

אַטוראַנטע — דער, ־ס. שפּאַ. אַרומשלעפּער, באָסיאַק, טרעמפּ. „ער'ט נאָך אויסוואַקסן אַן אַ'“, רייד (אַרגענטינע).

אָטזיוו — דער, ־ן. רוס [געניצט בלויז אין שטאַרק פֿאַררוסישטן ייִדיש]. 1. אָפֿיציעלער אָפּרוף. „געדרוקטע סווידיעטעלסטוועס און אָ'ן פֿון אויסגעסטראָיעטע מילן נאָך פֿאַרלאַנג ווערן...צוגעשיקט“, ייִפֿאָל, 3 1886, No, מודעה. 2. אָפּרוף, רעאַגירונג. „וואָס איז געווען דער

אָ, נאָך דער פּרעמיערע?,,, רייד.
אָטזשיוועןְ — טרוו. ־ווע, אָטזשיוועט.
□ia□י□y□P: o(l > . סל. פּר. שפּײַזן. דעתערן.
אָ, אַ שטובֿ מיט עסערס. מיט ז י ו — ,,זי
קען זיך נעבֿעך נישט אָ, מיט אירע פּיצעלעך
קינדער,,, רייד. אויך דזוו אָטכאַיען.
אָטהיהן (זיך) — ← אָטכאַיען.
אָטיאָ'ק — דער, ־עס. רוסיצ. געשוויר, וואָס
באַקומט זיך פֿון דעם וואָס די הויט אָדער די
דריזן ווערן אָנגעבֿלאָזן. באַקומען אָ'עס
אונטער די אויגן.
אַטידאַ'נט — פֿטמ. אַנשטאָט אַדיוטאַנט (←).
ל□.
אַטיו, — אינטעריעקציע. דזוו אַטו, ←.
אויך איבֿערצושרעקן. ,,האָט דער משולח מיט
זײַנע מענטשן אָנגעהויבֿן צו שרײַען מיט
קולות: אַ', אַ'! האָט זיך דער אויערהאָן
דערשראָקן און אַרויסגעלאָזן פֿון מויל דעם
ווערעמל,,, י□tראל רוחמובֿסקי, זכרונות...,
פּאַריז 1930.
אַטיוטאַנט — פֿטמ. דזוו אַדיוטאַנט (←).
[שע ניצט כסדר אָט די פּאָרעם.] ,,דערזעט ער
ווי עס קומט אים אַקעגן...עפּעס אַ גרויס

'קנעפּל', אַפּנים אַן אַ, פֿון די אַ'ן", שע, פֿון כתדילעווקע.

אָטיז(ד)נע — די, ־ס.. > . ← אַדיזנע. לעצגעלט. לעצטגעלט. געלט אָדער מתּנה פֿאַרן אָפּפֿאָרן. „און איך בין בטוח אַז ער וועט הי אַוודאי איבערלאָזן אַ גוטע אָ',,, קמ, 1869, No 20. „[די דינסט] מאַכט דאַנעבן וויפֿל פֿון קאָרטנגעלט, פֿון געסט, פֿון אָ'ס, רגל־געלט וכדומה", ארז, קמ, 1870 9 No. „טאָ זאָל ער...זיי איבערלאָזן אַזאַ מין אָ, אַז זיי זאָלן אים פֿילן אויך אין דער צײַט וואָס ער וועט דאָ ניט זײַן,,, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929.

אַטיזמע'נט — דער, ־ן. אַרכ. > פֿר. ערבֿות, גאַראַנטיע. "...להסוחר צו גין אונ, מיר מעות נגד גוטי ח"כ [= חילופֿי כתבֿ, וועקסלען] עם גוטי אַטיזמענטין תּוך בנקי צו אַמפֿאַנגין',, גה, 124.

אַטיטודע — די, ־ס. > פֿר. (בײַם לערנען טאַנצן) שטעלונג; פּאָזע. „די אַ, איז דאָ מיטן לינקן פֿוס פֿאָרויס". "אַן אידייע...איז ניט מער ווי אַן אַ', אויב איך קאָן זיך אַזוי אויסדריקן אין דער טערמינאָלאָגיע פֿון דער

טאַנצאַטיטיד

קונסט, ד,,ה אַ שטעלונג, אַ פּאָזע, אַ זשעסט“,
קאָך II.
אַטיטי'ד, ־טיו'ד — דער, ־ן. < פֿר (אין
ייִדיש פֿון פֿראַנקרײַך). אײַנשטעל, שטעלונג,
באַציאונג. מיר געפֿעלט ניט זײַן אַ, פֿרגל
.
אַטיטודע.
אָטיטיס — די, ־ן. < איי < גר. (מעדיצין)
אָנצינדונג פֿון מיטלסטן אויער. ← אָטאַלגיע.
אָ
מיטל ־ אייראָפּע, האַלט
טיס — דער, ־ן פֿויגל פֿון דרום־ און
.

זיו אויף אין זומפּיקע

גענגנטן און נערט זיך
מיט גרינסן, אינזעקטן,
פֿרעשלעך. דער אָ,
באַניצט זיך זעלטן מיט
זײַנע לאַנגע פֿליגלען,
איז אָבער אַ גיכער

לויפֿער. לאָזט זיך לײַכט
שטוביקן. tis tar(1a).
אָטיעז(ע'ז(ד־ס. 1 (lne): . .*
אויך: ינע, אָטיעזשנע. ←
ד נ — די

אָטיזדנע. "ניט שוין וועל איך אים אַן אָ,
ניט געבֿן,,, ווינטש II. ,,ציפּע איז חשובֿ בײַ
'אירע, אורחים...און [קריג] בײַ זיי אַ רעכטע
אָ',,, י. בודזאָהן, מאָטקע פּליך..., ווילנע 1927.
,,רבינו [הרבֿ מליאַד]...שאַל עוד ממנו האַם
יש לו מאומה מאָטיעזדינעס...,,, ר, חיים מאיר
הײלמאַן, בית רבי, באַרדיטשעוו 1902. ,,חיהלע
האָט זיך מיט די קינדער צעקושט, די מענטשן
אין שטוב אַ שיינע אָטיעזינע געלאָזן", יד,
אבֿן נגף. ,,ער האָט איר געלאָזן אָטיעזשנע
און אַליין הײַדאַ צוריק,,, שמעון וואָלצענאָק,
די געהיימע האָכצײַט, וואַרשע 1884. *געבֿן
(לאָזן) אָ, = איר. אָנבֿרעכן די ביינער,
אָנפּאַטשן פֿאַרן אַוועקגיין אָדער אַוועקפֿאָרן. *לאָזן
אָ, = איר. א) איבערלאָזן אַ שלעכטן
אײַנדרוק; ב) אַוועקפֿאָרן נאָכן אָפּטאָן אַ מיאוסע
זאַך.

אָטיפּיש — אַדי. וואָס איז ניט ווי דער
טיפּ, וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש.
אייגנאַרטיקע, אַ'ע בּאַזונדערקייטן. ,,אַ'ע לונגען־
אָנצינדונגען,,, פֿגעז, פּאַריז 9 l950, No־10.
־קייט.
אָטיפּקע, אָ'טיפּעק — די אָדער דער, מצ:
־ס, אָטיפּקעס. □ [eח□o'r ,a□[O'ren: □ <.
טייל פֿון לולקע, פּיפּקע, צווישן דעם טייל
וואָס האָט אין זיך דעם טאַבּעק און דעם טייל
וואָס מע נעמט אַרײַן אין מויל. מע דאַרף
רייניקן די אָ'. אויסקלאַפּן, דורכשטעכן די אָ'.
אַטיקע — גנ. 1. דזוו אַטען. 2. אַטען און
אומגעגנט, וואָס איז געווען אַ בּאַזונדערע מדינה
אין אַנטיקן גריכנלאַנד. ווערט אויך בּאַנוצט
צו בּאַצייכענען דאָס אַלטע גריכנלאַנד בּכלל.
,,אין אַ'...אין דער צײַט פֿון איר גרעסטן
גלאַנץ“ פֿגעז, ווילנע 4 1925, No.

אָטיש — אַדי. אַטעניש. וואָס איז פֿון, האָט
אַ שײַכות צו אַטיקע, צו אַטען (←). דאָס אַ'ע
גריכיש — דאָס בּעסטע, ריינסטע אַלט־גריכיש.
אַ'ע שול.
־אָטיש — ענדונג פֿון אַ צאָל
אַדיעקטיווןאינטערנאַציאָנאַליזמען: א) פֿון אַזעלכע וואָס

קומען פֿון סובסטאַנטיוון אויף ־אָט, למשל:
פּאַטריִאָטיש; ב) פֿון אַזעלכע וואָס קומען פֿון
סובסטאַנטיוון אויף ־אָז, ־אָס. כאַאָס —
כאַאָטיש; נעוראָז — נעוראָטיש.
אָטכאָזשע — די, ־ס. בית־הכּסא. אָפּטריט.
פּראָווי. קלאָזעט. אויפֿשטעלן אַן אָ, אין אַ
ווינקל פֿון מאַרקפּלאַץ. עס טראָגט (שטינקט)
ווי פֿון אַן אָ'.
אָטכאַיוטשען — ← דווו [סלאַווישער
סופֿיקס ־יוטש גיט צו בּײַטעם פֿון ביטו□].
„קוים אָטכאַיוטשעט דאָס האַלבּ־טויטע
בּאַשעפֿעניש„, שע פֿונעם יאַריד.

,

אָטכאַיען — טרוו. ־כאַיע, אָטכאַיעט. > סל □ o
+ חי, חיה [פֿאַראַן אויך אין □][a□]□[I□aנ□o'r: □.].
פּפֿ: אָטהיהן. אויך: אָטכײַקען פֿטמ.

,

אָפּמינטערן. בּרענגען צוריק צום לעבּן אַ
האַלבּפֿאַרהונגערטן, האַלבּ־דערפֿרוירענעם אע. „זי
האָט אַוועקגעחלשט און מע האָט זי קוים

אָטכאַיעט“, נ. הײַקין, ייִד, קולטור, 1962, No 7. אָפּט מיט ז י ך — רעפֿל. אויך: זיך דערקוויקן. „גיבֿ אים אַ טראָפּן בראַנפֿן, ער איז דאָך אַ דערפֿראָרענער, וועט ער זיך אָ'„ זש, דער ממזר. „...אָטכאַיעט זיך בײַם שבֿתדיקן טיש מיט ווײַסער חלה און געפֿילטע פֿיש“, ייִש. „לייגן זיי זיך אָפּרוען...זיי האָבן זיך אַ ביסל אָטכאַיעט„, בֿ. רעסלער, טמז, 7 1958 I.

אַטלאַנט — דער, ־ן (געווײנלעך אין מצ).
< איי < גר. ← אַטלאַס.
1. (אַרכיטעקטור) גאַנצע אָדער האַלבע פֿיגור פֿון אַ מוסקלדיקן מאַן אין אַ פּאָזע פֿון אונטערהאַלטן עפּעס שווערס, געניצט ווי אַן אונטערשפּאַר אָדער אַ זײַל אָדער ווי אַ צירונג צו אַ זײַל. „עס קוקן די מאַרמאָר־אַ'ן אַראָפּ אַזוי ווי ערשטוינט און דערשראָקן“, פֿרוג II, 'דרײַ וועלטן'.
2. פּערזאָניפֿיצירונג פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן. „די רויטע לבֿנה, דער ווײַסער אַ„ אַ בענקענדע נאָנע, אַ זקן גאַלאַנט„, אַל II, 'דער

אַטלאַנט'.

אַטלאַנטאַ — גנ. גרעסטע שטאָט אין שטאַט דזשאָרדזשיע, פּ"ש. [487,455 — 1966 אײַנוו', 14'500 ייִדן]. ערשטע ייִדן זיך בּאַזעצט אין .184▯

אַטלאַנט ידע, ־יס — גנ אין מיטאָלאָגיע. קאָנטינענט מיט אינדזלען וואָס זאָל האָבּן עקסיסטירט מערבֿדיקער פֿון גיבּראַלטאַר און איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַטלאַנטישן אָקעאַן. [געווען אַ מין לעגענדאַרישער גן־עדן▯] „געווען אַ לאַנד ערגעץ, אַ שטילע אַ'„, עק. אַ'ידעס (געוויינלעך אין מצ) — טעכטער פֿון מיטאָלאָגישן קיניג אַטלאַס וואָס זײַנען מגולגל געוואָרן אין שטערן.

אַטלאַנטיק — דער. גנ. גרויסער אַטלאַנטישער אָקעאַן צווישן אייראָפּע און אַפֿריקע אין מזרח און דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט אין מערבֿ. ־טיש — אַדי. אַ'ער אָקעאַן. אַ'ער טשאַרטער. אַ'ע צײַט. צפֿון אַ'ער פֿאַרבּאַנד.

-

אָטליע

אָטלאָנטשען — טרוו. ־טשע, עט.

e ll)o: . פּר. נר. פּפֿ: אָ   ען.

1. אָפּלאָנטשען, אָפּשנײַדן דעם קאָנטאַקט. אָ, די (ע)לעקטרע. 2. אָפּבינדן, אָפּטשעפּען, אָפּשליסן. אָ, אַ וואַגאָן פֿון עשעלאָן. 3. אָפּטיילן. אָפּזונדערן. אָ, די פּאָליטישע פֿון די קרימינאַלניקעס. 4. אָפּשטויסן. מאַכן מע זאָל פֿאַרקערעווען אין אַן אַנדער ריכטונג. ״האָט זי ביסלעכווײַז אָטלענטשעט די וועלט־באַרימטע חזנים, געבעטן, זיי זאָלן...פֿאַרפֿאָרן בעסער [אין אַן אַנדער אַכסניה],,, שע פֿונעם יאַריד II.

,

אויך מיט ז י ך.

אַטלאַס — דער, ־ן. > איי > גר. 1.)

מיטאָלאָגיע, בא) טיטאַן, ריז, וואָס איז געוואָרן פֿאַרמשפּט צו שטיין בײַ דעם מערבֿדיקן ראַנד פֿון דער ערד און האַלטן דעם הימל אויף זײַנע אַקסלען. אויך קיניג פֿון אַ מיטאָלאָגיש לאַנד.

2. זאַמלונג פֿון מאַפּעס אָדער בילדער (געוויינלעך פֿאַר פּעדאַגאָגישע צוועקן). [אַזוי אָנגערופֿן מחמת דעם פּיר צו באַפּוצן דאָס שערבלאַט פֿון אַזעלכע זאַמלונגען מיט דעם בילד

פֿון דעם מיטאָלאָגישן אַ'.] שפּראַך־אַ'.
געאָגראַפֿישער, היסטאָרישער, אַסטראָנאָמישער אַ'. אַ'־
פֿאָליאָ — גרויספֿאַרנעמיק בוך אָדע□ר פּאַפּיר,
למשל 34 □> 26 צאָל. אַנאַטאָמישער אַ'.
צעריסענער אַ'.
3. גנ. קייט בערג אין צפֿון־אַפֿריקע.
4. ערשטער וואַרבל פֿון רוקנביין וואָס אויף
אים זיצט דער שאַרבן. אַ צעשפּאָלטענער אַ'.
5. געהילץ פֿון ביימער אויף די אַטלאַס־בערג.
„גיפֿטיקע אייגנשאַפֿטן האָבן אויך אייניקע
מינים טראָפּישע געהילץ, דהיינו: עבען־האָלץ,
אַ', באָקסוואוד אאַ“, פֿגעז, ווילנע 7 1924, No.
אַטלאַס — מין שטאָף, מין סחורה. ← אַטלעס.
אָטלוטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך, זיך
אָטלוטשעט. רוסיצ. נר. אויף אַ קורצער צײַט
פֿאַרלאָזן דאָס אָרט וואו מע דינט, וואו מען
איז אויף אַן אַמט. „דעם סטאַנאָוואָי זאָל מען
אָפּלאָזן אַהיים פֿרײַ, נאָר מיט אַ פּאָדפּיסקע
אַז ער טאָר מער...זיו ניט אָ',„ ייִל, פּוילישע
יונגל, אַדעס 1895.
אָטלי'וו — דער, ־ן. רוסיצ. ים־אָפּפֿלוס. „די
ש□.טש□ןפּגעשוואומען פּונקט מיט□ליויז אין
י איז אָ',„.

אָט — אַדוו. רוס [געניצט בּ
שטאַרק פֿאַררוסישטן יִדיש]. אויסגעצייכנט.
זייער גוט. ,,אָ', האָט געגעבֿן אַ געשריי
דער עלטסטער גבֿאי,,, תּחית המתים, וואַרשע
1902 ־ניק

— תּל יט אַיעז זיר. ״זעט
. יד וו ס צייכנט זיו זייער
אויס. ווערבֿ: אָט
אַז מעסטנע נאַטשאַלסטווע זאָל...בֿעסער
שרײַבֿן דער פּראַוויטעלסטווע אַז ייִדן האָבֿן זיך
אָטליטשאַיעט בײַם נאַבֿאָר״, קמ, 2 1862, No.
אַטלי״ס — ר,,ת פֿון: אַך טובֿ לך יהיה, סלה
= אַלדאָס גוט זאָלסטו האָבֿן תּמיד. בּרכה
בײַם אָנהייבֿ אָדער בײַם סוף פֿון אַ בּריוו.
אָטליע — די, ־ס. דזוו אָדליגע, אָדליהע ←.
,,העו אַ מעשׂה..., געלייגט זיך שלאָפֿן איז
געווען אַ פֿראָסט און מיטאַמאָל — אַן אָ', עס
גייט שוין צו פּסח״, זש, דער ממזר.

אטל״ס

אטל״ס — ר״ת פֿון: אַך טובֿ לישׂראל, סלה
< לויט תּהלים, עג, 1 [,,פֿאַרוואָר (גאָט) איז
גוט צו ישׂראל (שטענדיק)״]. טראַדיציאָנעלע

אויפֿשריפֿט מיט אילומינירטע אותיות איבערן עמוד פֿון שליח־ציבור בײַם דאַוונען. [אַזוי ווי דער פּסוק, דאָרטן פֿאַרענדיקט זיך מיט

די ווערטער 'לבָרי לבָב, („צו די וואָס האָבן אַ ריין האַרץ“) האָט מען אין אטל„ס געזען אַ רמז פֿאַרוואָס חסידישע רבּיים טראָגן אַטלעס,

סענע זשופּיצעס 🞎]

אַטלעט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. < איי < גר [ווער עס פֿאַרמעסט זיך צו קריגן אַ פּריז]. 1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט ספּאָרט, מיט גימנאַסטיק און איז דערבײַ געניט אין זײַן ספּאָרט, איז פֿיזיש גוט אַנטוויקלט, איז שטאַרק (געוויינלעך אויך אַזאַ וואָס באַטייליקט זיך אין פֿאַרמעסטונגען). אַן אַ אַן אַמאַטאָר.

אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַ'. די אַ'ן קומען צו דער אָלימפּיאַדע. „די אַ'ן האָבן געמאַכט זייערע קערפּער־איבונגען פֿאַר אַ מלאָכה, פֿאַר אַ פּראָפֿעסיע, כּדי צו זיגן אין די עפֿנטלעכע וועטקאַמפֿן„, פֿגעז, ווילנע 12 1924, No, בײַלאַגע המכּבי. 2. ווער עס איז שטאַרק, פֿעסטגעבויט, געוויקסיק. „יונה דער בעדער, אַ ייִד

אַן אַ', אַ בּאָרדיקער, אַ האָריקער, אַ געלער,,,
שע, אָרעמע און פּריילעכע II. אַ'־פּ ו ס —
אָנשטעקנדיקע הויט־קראַנקייט צווישן די
פּינגער פֿון הענט און פֿיס, וואָס איר סיבּה איז
א דינער פּונגוס —יש — אַדי ־קייט.
—   .   .
אַטלעטיק — די. מצ נבֿ. כּוללדיקער נאָמען
פֿאַר אַלע מינים ספּאָרטן וואו מע דאַרף
אָנווענדן פֿיזישן כּוח (ווי: לויפֿן, שפּרינגען,
וואַרפֿן אַ דיסק, הייבּן געוויכט, זיך ראַנגלען
אע) פֿאַרמעסטונגען אין אַ,. פּריזן פֿאַר די
▯
וואָס צייכענען זיך אויס אין אַ'. ,,מ'האָט די
מנצחים (זיגער) אין אַ'...אָפּגעגעבּן צו פֿיל
כּבֿוד,, פֿגעז, ווילנע 12 1924, No ־טיזם
.   ,
— שיטה, סיסטעם פֿון דערציִען וואָס לייגט
אַ סך אַכט אויף אַטלעטיק. אויך: וואָס היט
אָפּ די כּללים און ספּאָרטמענישקייט פֿון
אַטלעטיק. ,,דער אַ'...זאָל ניט בּרענגען קיין שאָדן
דעם ספּאָרט ווי מיר פֿאַרשטייען אים,,, פֿגעז,
ווילנע 12 1924, No. ־טיסט.
אַטלעס — דער, ־ן. < איי < אַראַבּיש
[= גלאַט, פֿײַן]. שטאָף, געדיכט געוועבּט

פֿון זײַדענע פֿעדעם, גלאַט און גלאַנציק.
געקליידט אין סאַמעט און אין אַ,, אָנגעטאָן
אין זײַד און אין אַ'. ,,פֿאַרוויקלט אונדז אין
זײַד, אין סאַמעט, אַ'" פֿרוג II . סידים
פֿלעגן טײַטשן אַ, — ר,,ת: אַך טובֿ ישׂראל
,

סלה...'דערפֿאַר, האָבן חסידים געטראָגן
יוביצעס פֿון אַ'", וואָלף ברעסלער, בריוו, ב,,א.
,,זופּאַן אַ, או דמשׂק אין לעשׂות מכאן ולהבא
...כּי אים מי שנותן לסכום מאַרבּעה אַלפֿים
זהו, ולמעלה", וועד שצ,,ז, תּקוני בגדים [פּנקס
ליטא]. ,,אַז עס קומט (פֿאַלט) אַ פֿלעק אויף
אַ,, בלײַבט עס דאָך אַ',,, שוו. [= ווען עס
איז דאָ אַ חטא אין אַ חשובֿער משפּחה,
בלײַבט זי דאָך יחוסדיק.] ,,ווײַזן זיי זיך מיר
אין זײַד און אַ,־בּגדים...מיט די הויכע שטערנס
און די הויכע נעמען, מיט די בערד און

שטרײַמלעך און געדיכטע ברעמען", אַל I.
,,די קילע אַ'־גלאַטקייט צווישן דײַנע פֿינגער,,,
הר, אין שאָטן פֿון בוים. אַ,־באַנד. אַ'־ב י

נד ו נ ג — אופֿן ווי פֿעדעם בינדן זיך אין
אַ, ־דיק — אַדי. „ווי זאָל איך פֿאַרנעמען
.
דײַן אַ'ע שטילקייט מנחה־צײַט“, אסתּר
שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט.
אַטלעס־בוים — דער, ־ביימער. 1.
געלבלעדברוינער בוים פֿון אינדיע פֿון דער פֿאַמיליע
מאַהאָגאַני־ביימער. 1on svietenia ‎ כּס ‎ o ‎ lo ‎ כ).
2. נידעריקער בוים (פֿלאָרידע, וועסט־אינדישע
אינדזלען) מיט געהילץ וואָס האָט אַן
אָראַנזשקאָליר. ווערט געניצט פֿאַר מעבל. ־ ‎ antbo ‎
.1um ‎ a'י ‎ um
אַטלעסן — אַדי. וואָס איז געמאַכט פֿון
אַטלעס. „אָנגעטאָן אין...דער אַ'ענער זופּעצע
מיט די זילבערנע האָקן„, אמד, דער סיום
התּורה, ווילנע 1868. „איר זאָלט אָנטאָן לאַנגע
אַ'ענע קאַפּאָטעס און קריכן מיט זיי אין דער
בלאָטע„, ממוס, קליאַטשע. „איז געקומען צו
אים אַ שטרײַמל, אַן אַ'ענע זיפּעצע...האָט ער
אים אָן רחמנות געשטראָפֿט„, פּינסקער
שטאָטלוח, תּרס“ד. „די אויפֿגעקלערטע חבֿרה האָבן
מיר געשיקט אַ'ס [געמיינט אַן אַ, לײַבצודעקל]
מיט שיינע ציצית„, ווז [פֿש II].

אַטלעס־פֿויגל — דער, ־פֿייגל פֿויגל פֿון

.

מיטעלער גרייס אין

די טראָפּישע און

סובטראָפּישע

געגנטן פֿון דעם

מזרחדיקן

האַלבקײַלעך. [חוץ אַ

באַזונדערער

פֿאַמיליענעסט, בויען די אַ'־

— פֿ, אויך בשותּפֿות

אַ גרעסערע נעסט,

אַ סאָרט אַלטאַנקע, וואָס זיי באַפּוצן דעם

אַרײַנגאַנג מיט פֿאַרביקע שטיינדלעך. זיי קומען

אַהין פֿאָרלעכווײַז פֿאַר אַ סאָרט ליבעטאַנץ.]

גאָלדפֿויגל (אין אויסטראַליע). ,,די באַזוכער

פֿון לאָנדאָנער זאָאָלאָגישן גאָרטן זײַנען

באַקאַנט מיט דעם שיין־באַפּוצטן זומערהײַזל פֿון

דעם אַ'־פֿ',,, מערימאָן איבז, קראָפּאָטקין,

קעגנזײַטיקע הילף. Pti1orb nebinae.

אַטלעס־פֿלאַטערל — דאָס, ־עך. פֿלאַטערל

פֿון דרום־מזרח

אַזיע. דאָס גרעסטע
פֿון אַלע
פֿלאַטערלעך. (דער שפּאַן
פֿון די פֿליגלען איז
17־25 ס"מ). ־ A
aCus atlas .
ענלעך און מיטן זעלביקן נאָמען איז אַ פֿלאַטערל
פֿון סורינאַם. aturnia atlas .
אָטמאַ — די. < איי < גר [פּאַרע]. אָטעם.
„איך בין, ווײַל דו האָסט אויסגעאָטעמט 'כ־
וויל!‚. איך האָב קיין אַ, נישט קיין
אייגנמײַנע‚„ לע, בײַם פֿוס פֿון באַרג.
אַטמאַן — דער. < איי < סאַנסקריט [אָטעם].
אין הינדואיזם דער פּרינציפּ פֿון לעבן,
אוניווערסאַלע ושמה אָדער אוניווערסאַלער איך.

-

אַטמאָספּעריש

„אַ, (דער אָטעם — די נשמה — גאָט) איז
געווען אַליין!..האָט ער זיך איינמאָל דערמאָנט

אַז ער איז איינער אַליין און האָט אַ ציטער
געטון...האָט אַ, פֿאַר שרעק די וועלט
באַשאַפֿן!,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אַטמאָספֿער(ע) — די, ־ן (־עס). < איי
< גר. 1. די גאַנצע מאַסע לופֿט וואָס
רינגלט אַרום די ערד. אַ'־בּלוי. ,,די גאַנצע
ערד אונדזערע איז באַדעקט...מיט אַ דיקן פֿאַך
לופֿט...דאָס הייסט אַ'ע...אין העברעאישן רופֿט
מען דאָס אַוויר,,, י״ז בּן־אַריה, אַ וועלט מיט
וועלטעלעך, ווילנע 1894. ,,פֿליִען שוין די
עראָפּלאַנען...און קאָנצערטן גאַנצע שפּאַנען איו
באַזיגטער אַ',,, אַל 2 .II. אַרומהילוגג פֿון
גאַז(ן) אַרום אַ הימלשן קערפּער. די דינע
אַ, פֿון מאַרס. 3. לופֿט אין אַ באַשטימט
אָרט. ,,די נאַסע אַ, ווירקט אויף די ביינער
און אויפֿן געמיט,,, רייד. ,,אָט וויגט זיך פֿרײַ
פֿאַר מיר א יונגע באָיאַדערע פֿון דעם...
גלי— — ...
דערשפּיל צעפֿלאַקערט זיך אַרום די גאַנצע
אַ'ע,,, דא, ,אין פֿאַרכישופֿטן קרײַז'. 4. (
פֿיזיק) איינס בײַם מעסטן דעם דרוק אויף אַ
קוו,־איינס פֿון פֿלאַך. דער דרוק אין דאַמפֿקעסל
איז 5 אַ'.
5. סאָציאַלער, געזעלשאַפֿטלעכער אַרום.

אויפֿוואַקסן אין אַן אַ, פֿון אָרעמקייט פֿון אַ
—
,
סוחריש־בעלי־בתּישער משפּחה אאַזוו. „שוואַך
אין געדאַנקען...צו באַטראַכטן וואָס [איז] אין
זײַן אַ'ע„, א. בּוכבּינדער, די הײַנטמאָדישע
אַריסטאָקראַטיע, אַדעס 1885.
6. השפּעה און אײַנשטעלן וואָס קומען פֿון
דער סבֿיבֿה פֿון דער פּאָזיציע אין דער
געֿ,
זעלשאַפֿט, פֿון טראַדיציע, פֿון דערציאונג אע.
לעבן אין אַ, פֿון לערנען. „פֿון תּמיד אָן הערשט
דאָרטן אַזאַ אַ, [אַז] ייִדישע מיידלעך ווילן
זיך ניט אויסגעבן פֿאַר ייִדישע„, ספּ, סודות.
„האָט זיך דער...אַלגעמיין־מענטשלעכער שטראַל
איבּערגעבּראָכן אין אַ באַזונדערער
נאַציאָנאַלער אַ'ע„, זשיט II, נ״י 1912. „אומקענטעניש
אין דער ייִדישער געשיכטע־אַ'„, ש. בּיקל,
טמז, 15 19 III.
7. שטימונג אין אַ געזעלשאַפֿט, אַ מסיבּה.
פֿאַרבּרענגען אַן אָוונט אין אַן אָנגענעמער אַ'.
אַ ליבּלעכע אַ, אויף דער בּינע.
8. עסטעטישער טאָן אָדער שטימונג פֿון און
אַרום אַ ווערק פֿון קונסט. די אַ, פֿון
בּעטהאָווענס 9טער סימפֿאָניע. די אַ, פֿון שאַגאַלס

בילדער. „וואָס פֿאַר אַן אומדיכטערישע אַ, פֿאַרמאָגט אַזאַ ליד...", י. ח. בילעצקי, היימיש, אָדר א', תּש"ט.

אַטמאָספֿעריק — אַדי. נעאָל. וואָס איז (קומט) פֿון דער אַטמאָספֿער. אַ'ע שטערונגען בײַם אויפֿנעמען ראַדיאָ־סיגנאַלן. ראַדאַר אָן אַ'ע שטרויכלונגען.

-

אַטמאָססעריש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער האָט אַ שײַכות צו דער אַטמאָספֿער (←. אַלע בבֿ). אַ'ער דרוק. אַ'ער שטראָם. אַ'ע ווירקונגען. „די דאָזיקע פֿאַרשיידנקייט האָט דער קינסטלער דורכגעפֿירט בלויז מיט אַ ביסל אַנדערשדיקן קנייטש פֿון דעם זעלבן אַ'ן ניגון", ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I.

אָטמיטשקע

אָטמיטשקע — די, ־ס. רוסיצ. נאָכשליסל. פּרימיטיווער שליסל (געמאַכט פֿון אַ שטיקל דראָט) וואָס פּאַסט צו אַ סך שלעסער. עפֿענען די טיר מיט אַן אָ'. „מע האָט דאָרט

גע‫פֿ‬ונען אַן אָ', ד"ה מיט וואָס מע קען ע‫פֿ‬ענען
און ווידער ‫פֿ‬אַרשליסן כמעט יעדן שלאָס",
מ. אמון, די צוויי שוויגער, ווילנע ת‫ּ‬ר"ס.
אָטמעטקע — די, ־ס. רוסיצ. אויך:
אָטמיעטקע. צייכן ‫פֿ‬אַר לערנען זיך. גוטע,
שלעכטע אָ'ס. „איך בין אומצו‫פֿ‬רידן געווען ‫פֿ‬ון
דעם שילער און האָב דאָס אַרויסגעוויזן דורך
די באַלן (אָטמיעטקעס) וואָס איך האָב אים
געשטעלט", נ. הערשענהאָרן, קמ, 33 1870, No.
„און דער וואָס קאָן בעסער, גיט מען אים
אַ שיינע אָ'", ט. קאַמינסקי, אַ ביאָגראַ‫פֿ‬יע ‫פֿ‬ון
אַ י▯ראל־קלען, קיִעוו 1913. „און הייבט אָן
שטעלן אָ'ס און נעמט פּסקענען ווי אַזוי מע
מעג און מע טאָר ניט שרייַבן„, די שטימע
‫פֿ‬ון טאָל, זב, נ"י 1940. „ער האָט מיט
שטאָלץ אַ וויַיז געטאָן...זעט נאָר סאַראַ גוטע
אָ'ס איך האָב!", חיים פּעט, 'אַ סאָלדאַט'.
אַטן באַרינאַטן צוואַנציק גראַס —
ווערטל בײַ שערערײַ מיטן ב: ער (דער קליִענט)
האָט אַ פּאַרך [מע בעט כלומרשט 20 גראַם
‫פֿ‬ון אַ ניט־געשטויגענער מעדיצין].
אָטסטאַוונע — אַדי. סל. אויך:
אָטסטאַוונאָי, רוסיצ. 1. אויסגעדינט (אין מיליטער,
מלוכה אַמט). אָ'ער גענעראַל, דירעקטאָר. „דאָרט

-

האָט געוואוינט אַן אָטסטאַוונאָי ייִדישער סאָלדאַט", ייִפּאָל, 24 ◻ 1882 I. „דער גענעראַל אַן אָטסטאַוונאָי, מיט די עפּאָלעטן אין דער לענג, פֿון די קאַנטאָניסטן..,,, פּרץ, 'הנרות הללו'. 2. וואָס איז אָפּגעזאָגט. וואָס טוט ניט מער געוויינטלעכע (לאַנגיאָריקע) אַרבעט. אָפּט איר בײַטעם. אַן אָ'ר מוזיקאַנט. „צוויי אָ, קעכינס האָבן איצטער מקנא געווען אַנדערע וואָס האָבן געקריגן שטעלעס", ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

אָטסטאַוועך — טרוו. ־ווע, אָטסטאַוועט. סל. < פּויל, רוס. באַזײַטיקן, אָפּזאָגן פֿון אַ שטעל. „דער זון ווידער האָט אויך געבראַכט בריוו פֿון הצדיק ר, יוחנן, מ'זאָל אים אויך ניט אָ',,, קמ, 41 1870, No.

אָטסטאַווקע — די, ־ס. רוסיצ. 1. דעמיסיע. „איינמאָל האָט געבעטן דער מיניסטער דעם קעניג, דאָס ער זאָל דערלויבן צו דערלאַנגען זיך אָ'", זעל"ג פֿון נײַא זאַגער, שיינע אַנעקדאַטן, ווילנע 1893. 2. מצבֿ פֿון זײַן אויסגעדינט (←). „הייזעריקע משוררים וואָס זײַנען שוין לאַנג אין אָ,", אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868. "פּינחס האָט יעצט שוין געזען

אויף קלאָר אַז ער איז אין אָ'"", מ. אחון, די
צוויי שוועגער, ווילנע תר"ס.
אָטסטאַלע — אַדי. רוס [געניצט בלויז אין
שטאַרק פֿאַררוסישטן ייִדיש]. צוריקגעשטאַנען.
„נו, קענען זיי נאָך זאָגן אַז ייִדן זײַנען אָ'?",
קמ, 18 1869, No.
אָטסטופּנאָי, — אַדי, סובֿ. רוסיצ. נר. אויך:
אָטסטופּנאָיע, אָטסטופּקע.
אָפּטרעטגעלט, שליסלגעלט. „אַזאַ גבֿיר שעמט זיך

864

ניט צו נעמען אָ, דרײַ קערבלעך בשנה",
קמ, 5 1870, No.
אָטסראָטשעט — אַדי. רוסיצ. אָפּגעלייגט
אויף אַ שפּעטערן טערמין. „אַ נײַע סדרה
אָ'ע (אָפּגעלייגטע) גירושים", הירש
אַבראַמאָוויטש, ייִבל XXII. ווערבֿ: אָטסראָטשען
— אָ, דעם פּריזיוו אויף אַ חודש.
אָטסראָטשקע — די, ־ס. „מע האָט אים
צוגענומען, אָבער ער האָט געקראָגן אַן אָ,
אויף זעקס חדשים", רייד. „פֿאָרט נאָכאַמאָל
אַריבער...און בעט אים אַן אָ',, קמ, 1863,
No 11.

אַטעאיזם — דער, ־ען. < איי < גר [ניט
גאָט]. שיטה, סיסטעם, געדאַנקען־גאַנג,
געבויט אויף דער הנחה אַז עס איז ניטאָ קיין
העכסטער יש אָדער וועזן איבערן אוניווערס.
אַטעאיסט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע. ווער
עס איז אַן אָנהענגער פֿון אַטעאיזם. ־יש
— אַדי. „מיט וואָס זשע איז אַזוי גרויס די
נפֿקא־מינה צווישן טעאיסטישן הימלשן גן־עדן
און דעם אַ'ן ערדישן?„, ימ, נײַס, 1923.
אַטעזנע — לר. ← אָטיז(ד)נע. „—־ אַ מתּנה
פֿאַרן אַוועקפֿאָרן. ווי איך הער איז דאָס וואָרט
אַטיעזדנע, אָבער מיר [אין ראַסיין] פֿלעגן עס
אויסריידן אַ'„, הרבֿ ל. פֿײַנבערג, ייִשפּ II □.
אַטעטשמענט — דער, ־ס. אויך:
אַטאַטשמענט. אַמ. 1 .< . □ :attaehment. געפֿיל
פֿון צוגעבונדנקייט. 2. צוגאָב, צושטעל.
עלעקטרישער דראָט וואָס ווערט אַרײַנגעשטעלט אין
אַוטלעט (←). 3. סעקוועסט(ר)ירונג,
באַשלאַק פֿון אייגנטום (לוין, הכנסה אאַ) לויט
אַ פֿאַראָרדענונג פֿון געריכט. „ער צאָלט ניט
קיין אַלימאָני, האָט מען אַרויפֿגעלייגט אַן
אַ, אויף זײַנע ווײדזשעס“, רייד.
אַטעטשן אַטעטש, אַטעטשט. אויך:
אַטאַ־־־

טשן. אַמ. 1 .< . : taeh to a. אוטוו
— זײַן צוגעבונדן. "מײַן פֿרענסיסל איז אַטעטשט
צו איר ווי צו אַ לײַבלעכער שוועסטער",, רייד.
2. טרוו — צובינדן, צושטעלן, פֿאַראייניקן.
,,מע דאַרף אַטעטשן די ראַדיאָ צום צווייטן
אַוטלעט". 3. סעקוועסט(ר)ירן, אַרויפֿלייגן אַ
באַשלאַק אויף אייגנטום (לוין, הכנסה אאַ)
לויט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון געריכט.
אָטעלאָ — הויפּטהעלד אין שעקספּירס דראַמע
מיט דעם זעלביקן נאָמען. אייפֿערזיכטיקער מאַן.
אַטעליע, — דער, ־ען. < פֿר a 1ier.
אַרבעטפּלאַץ פֿון אַ מאָלער אָדער סקולפּטאָר.
"איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דעם וויזיט
וואָס דער פּרײַסישער קעניג...האָט מיר
געמאַכט אין מײַן אַ'", קמ, 1867, No 13. "זײַט
דער צײַט אָבער, וואָס פּעראַלי איז אין דעם
אַ, באַשעפֿטיקט געווען האָבן זיך איבערהויפּט
די ווײַבלעכע קונדן פֿאַרמערט", מ. מ.
אויזערקימ, צעזייעטע און צעשפּרייט..., לעמבערג
תּרס"ו. "מע האָט צעשטערט זײַן אַ', די
שענסטע און בעסטע אַרבעט צעבראָכן", פּרץ,
'דער בילדהויער'.
אַ'טעליע — די, ־ס. ← דפֿוו. (אין ייִדיש
פֿון פֿראַנקרײַך) וואַרשטאַט. ספּעצ

שנײַדערוואַרשטאַט. "איך אַליין אַרבעט אין מײַן אַ, צוזאַמען מיט דרײַ געזעלן", רייד.

אָטעס

אַטעלע — די, ־ס. אויך: שפּינמאַלפּע.

מאַלפּע פֿון דרום אַמעריקע,
-
לעבט לרובֿ אין די וועלדער
פֿון בראַזיל און גווינעע.
צייכנט זיך אויס מיט אַן
איבערמאָסיקער לענג פֿון אירע
גלידער און עק. איז
פֿאַררעכנט פֿאַר איינער פֿון די
קליגסטע צווישן די מינים מאַלפּעס.
A□eles va□iegatI□s.

אָטעם — דער, ־ס, זן. Mhd: □□em. 1.
אַרײַנצי פֿון לופֿט אין די לונגען און אַרויסלאָז פֿון דער לופֿט דורך דער נאָז אָדער דעם מויל.
אַקט פֿון אָטעמען בײַ בעלי־חיים און געוויקסן.
אַ צי מיטן אָ'. אײַנהאַלטן דעם אָ'. אַרויסלאָזן דעם אָ'. פֿאַרהאַלטן דעם אָ'. האָבן אַ לאַנגן אָ'. פֿאַרלעשן ליכט מיטן אָ'. נאָרמאַלער,

גלײַכמעסיקער אָ'. אײַליקער, אומגלײַכער אָ'. ערשטער אָ, פֿון אַ נײַ־געבוירענעם. לעצטער אָ, פֿון אַ גוסס. תּי פֿאַרטײַטשט ,מנשמת רוח אַפּו, (שמואל בּ, כב, 16): ,,פֿון דעם אָטעמבלאָז פֿון דײַן נאָז“. ,,דער קרבּן שטרעקט זיך און גיט אַ טיפֿן אָ', ניט גלאַט אַזוי אַן אָ', פֿון אייבּיקייט אַן אָ',,, הל, אין טרעבּלינקע.... ,,די ליפּן האָבּן אויסגעזען ווי אויסגעלערט פֿון בּלוט און ליידיק

פֿון אָ',,, ווײַס I ם י, 'ווי דער גורל פֿירט,. ,,איר [חלוצים] האָט מיטן אייגענעם אָ, געטריקנט די זומפּן פֿון לאַנד,,, י. גויכבּערג, אַ בּריוו'.

,

,,דײַן אָ, בּרענט מיך ווי אַ פֿײַער“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. ,,דאַר מיט איזט אים דער אטים בּישטיין גיבּליבּן ויצאה נשמתו הטהורה“, גה, 200.

אָ'־איבּערכאַפּ. אָ'־אָפּכאַפּ. אָ'־אָפּרו. אָ'צוג — ,,קוים וואָס די בּריסטן בּאַוועגן זיך מיט אַ לײַכטן אָ'צ'“, ווײַס, 'אַ וואַלד־מיידל'. אָ'צי. אָ'־אַפּאַראַט. אָ'־אָרגאַן — ,,דאָס אומאויפֿהערלעכע אַרײַנדרינגען פֿון די טובּערקולאָזע שטעקעלעך דורך די אָ'־אָ'ען,,, טאָז, וואַרשע 7 l930, No־8. אָ'־הויל — ,,אונטער דער שפּאַלט־עפֿענונג [פֿון פֿלאַנץ] געפֿינט זיך אַ רוים צווישן די צעלן,

דער אַזוי־געררופֿענער אָ'־ה'״, א. ש. זאַקס, דאָס
לעבן פֿון פֿלאַנצן. אָ'־עפֿענונג. אָ'־לאָך, אָ'־לעכער.
אָ'־רער(ל) — „שפּראַכקלאַנגען...דורכן פּראָצעס
פֿון אַרויסברענגען דעם אָ, פֿון די
צונויפֿגע...
פּרעסטע לונגען דורכן אָ'־ר'ל (גאָרגל) אַרויף
אין מויל־חלל״, יאי, ייִשפּ XXI, 1. אָ'־שפּאַלט
— „דער איבעריקער שטח פֿון חלל אַרום די
שטימבענדער רופֿט זיך אָ'־ש'„, פֿגעז, ווילנע
No, 1924 9. אָ,־וועג. אָ'־מוסקלען. אָ'־צענטער.
אָ'־שטראָם — „ביי קאָנסאָנאַנטן...ווערט ניט דער
אָ'־ש, פֿריי אַרויסגעלאָזט דורכן קעל״, יאי,
ייִשפּ, XXI, 1. אָ'־מעסטער.
אויסהויכן דעם לעצטן אָ, = שטאַרבן.
אין איין אָ, = זייער איליק; תּיכף; מיט
איין מאָל. א, א, אָ, אָפּזאָגן אַלע עשׂרת בני
המן. „לאָזט זיך הערן אַ געשריי גאָר א, א, אָ'״,
ממוס פֿישקע. „האָבן זיך דערטראָגן קלעפּ אין

,

איז זעלבז ;

, = אין דער זעלביקער רגע;

טיר. א, א, איז ער אַוועק עפֿענען„, סמב.

גלייכצייטיק.

אָטעם־וואָרצל

אָן אָ, לויפֿן (שפּרינגען, טאַנצן אע) =
אַזוי געשווינד און מיט אָנשטרענגונג אַז ס'איז
ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו אָטעמען. כאַפּן
דעם אָ, = אַ קורצע ווײַלע זיך אָפּשטעלן, זיך
אָפּרוען. „זיך אַ וואָרף געטאָן...אין אַ ווינקעלע
אויסצורוען די פֿיס און כאַפּן דעם אָ'“, ממוס,
מסעות. „...ניט צו כאַפּן דעם אָ', פֿליט, אַר
בעט„, פּרוג III, ,דער יריד'. ניט קענען כאַפּן
דעם אָ, = ניט קענען נאָרמאַל אָטעמען; ניט
האָבן קיין צײַט. אָפּכאַפּן דעם אָ, — א)
כאַפּן דעם אָ'; ב) ווײַטער אָטעמען. „שטייט...
און קען ניט אָפּכאַפּן דעם אָ', ווי ער וואָלט
געקראָגן אַ זעץ אונטערן לעפֿעלע', חג, טמז,
1964 III פּן דעם אָ, — ווי

-

פֿריִער. פּ פֿון שרעק. עס
פֿאַרכאַפּ נעמט אָפּ) דעם
אָ, — פֿון אַ פֿיזישער סיבה (פֿון קעלט, פֿון
ווינט), פֿון אַ ווייטיק אָדער פֿון טיפֿער
איבערלעבונג (פֿון התפּעלות, פֿאַרוואונדערונג).
עס פֿאַרשלאָגט דעם אָ, = א) אַזוי

ווי עס פֿאַרכאַפּט דעם אָ,. ,,עס פֿאַרשלאָגט
מיר דעם אָ, פֿאַר האַרצווייטיק און איך קען
מער ניט אויסריידן קיין וואָרט,,, ממוס, ,
בּישיבֿה של מטה,.

מיט אײַנגעהאַלטענעם (
פֿאַרהאַלטענעם) אָ, = א) שטיל, שעפּטשענדיק;
בּ) מיט אַ טיף, דאָך אונטערגעדריקט געפֿיל.
ריידן מיט אײַנגעהאַלטענעם אָ, פֿון גרויס

בּאַ

גײַסטערונג. מיט פֿאַרשטיקטן אָ, = אין
גרויס אויפֿרעגונג, ווען ס'איז שווער צו ריידן.

אָפּצ עןדעם אָ, = טיף אַרײַנאָטעמען
און אַרויסאָטעמען. ,,ער האָט אָפּגעצויגן דעם
אָ, און ווײַטער גערעדט,,, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. מע קען זען דעם אָ, = עס גייט
אַ פּאַרע פֿון מויל (ווײַל די לופֿט איז זייער
קאַלט).

האָבן אַ קורצן (שווערן) אָ, = זײַן
יאַדעשליווע, לײַדן אויף אַסטמע; ניט זײַן בּכּוח
דורכצופֿירן. ,,פֿאַר קורצין אטום אודר לונגין
זוכט...מאַך אים דען טראַנק,,, סור, כב/בֿ.
קיין אָ, זאָל פֿון דיר (אײַך) ניט גיין =
א) בּלײַבֿ, זיץ גאָר־גאָר שטיל, קיין פּיפּס
זאָל מען פֿון דיר ניט הערן; בּ) שטעל זיך

ניט אַקעגן, פּראָטעסטיר ניט. ,,קיין אָ, זאָל פֿון איַך [יִדן] ניט גיין!,,, פֿרוג I. ג) קללה: זאָלסט שטאַרבן. *ס'האָט פֿאַרפֿעלט אָ, = אויך: ס'פֿעלט אויס געלט (בײַ אַ געשעפֿט, בײַ שפּילן אין קאָרטן אאַ).

2. נשמה. לעבן. געמיט. גײַסט. זינען פֿון לעבן. שווב פֿאַרטײַטשט נשם, — ,,...זעהל, אטום“. באך משה פֿאַרטײַטשט ,נשמת חיים, (בראשית, ב, 7): ,,אַן אָ, פֿון לעבן,,. טח פֿאַרטײַטשט ,מקצר רוח, (שמות, ו, 9): ,,פֿון וועגן קורצן אוטם,, [תּי: ,,פֿון קורץ געמיט]. ,,די חכמה איז דאָס לעבן פֿון זייער אָ',,, חה, ב. ,,ס'איז טויט נאָך נישט געווען און אויו נישט אומטויט; ס'איז נאַכט נאָו נישט פֿאַראַן — געווען בלויז אָ',,, צײַט, גש I. ,,יעדער גרעסטער גאָון פֿון זײַן פֿאָלק, יעדער טיפֿסטער אָ, פֿון זײַן פֿאָלק,,, קון, געראַנגל.

3. ריח; אויסשטראַלונג. אַטמאָספֿער. אַ

ווא865

רעמער מענטשלעכער אָ'. “אָפּגעפֿליקט די רויז — נאָר איר אָ, שוועבט,,, פּרץ, 'די רויז'.

„מע קאָן עס אָנרופֿן 'ריח־התּורה', אַ מין
ייִדישער אָ', וואָס אָן דעם איז ייִדיש שרײַבן
ווי אַ גוף אָן אַ נשמה„„ י. בּ. בּערקאָוויטש
[טמז, 4 .[9 1964 XI. פֿיג. דאָס וואָס עס
דערמאָנט אין אָ'. דער לעצטער אָ, פֿון קאַמף,
פֿון ווידערשטאַנד. „נאָר דאָס איז שוין זײַן
[דעם פֿײַערס] לעצטער אָ'. אָט שטאַרבּן אַלע
זײַנע קוילן„„ ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
אָטעס־וואָרצל — דער, ־ען. טייל פֿו .
־
ר
צל איז איבּער דעם בּאָדן. אויך: ו
וואָ .
אָטעמלאָז — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז אָן
אָטעם, אָנאָטעמדיק. "אַלעס האָט טיף
געשלאָפֿן. אָ, האָבּ איך זיך געשטעלט אויף מײַן
בּעטל„„ דוד עדעלשטאַט, שריפֿטן.
אָטעמען — אוטוו & אַקוזוו. אָטעם, געאָטעמט.
.1 .עטעמען :פּפּ .M : âtemen
אַרײַננעמען אין זיך, אַרײַנציִען אין די לונגען לופֿט
און עס אַרויסבּרענגען, אַרויסלאָזן דורך דער
נאָז אָדער דורכן מויל. פֿיזיאָלאָגיש און
כעמיש איז אָ, דאָס פֿאַרניצן זויערשטאָף און

אַרויסבּרענגען קוילנזויערשטאָף. אָ, מ י ט
געזונטע לונגען. אָ, נאָרמאַל. אָ, לײַכט, פֿרײַ.
אָ, שווער. אָ, קוים־קוים. אויפֿהערן צו אָ,
= שטאַרבן. „מיר קענען דורך אַ ספּעציעלן
טיפֿערן אָ, אויפֿצווינגען אונדזערע לונגען
אומצוטוישן אַ סך מער לופֿט ווי געוויינלעך„,
פֿג"I., פּאַריז 5 1949, No. „זומער זאָל איך
למען־השם גיין אַ סך שפּאַצירן, אָ, פֿרישע
לופֿט אונטער דער שטאָט„, ממוס, קליאַטשע.
„יעדע מינדסטע באַוועגונג, אַפֿילו דאָס פּשוטע
רואיקע אָ'...קען נאָר אויסגעפֿירט ווערן...פֿון
קערפּער אַליין„, ייִפֿאָל, 11 1883, No. „אָטעמט
ווי אַ בלאָזזאַק און מאַכט מיט די זײַטן ווי
אַן אײַנגעמידט פֿערדל“, שע, אַלט־נײַ
כּתרילעווקע. 2. (וועגן געוויקסן) אויך: אַרײַננעמען
אין זיך קוילנזויערשטאָף (בײַם זונענשײַן) און
אַרויסבּרענגען זויערשטאָף. „אַלע בלעטער פֿון
די ביימער אין וואַלד אָ, און צווישן זיי אָ,
אונדזערע לונגען פֿרײַער„. „דער שטאַרקער
אייכנבוים שטייט פֿאַרמאַטערט, אָטעמט קוים“,
אַך, 'צום פֿרילינג.
3. אַרײַנזאַפּן אין זיך. אײַנאָטעמען,
אַרײַנאָטעמען. „אָ, דעם צווייטנס ווייטיק איז
אינלשער מער ווי רחמנות האָבן“. „לעבן ים־סוף

...אָטעם איך היישעריק־דיונעס, די היטער פֿון צײַט און זכּרון", סוצ, „אָדע צו דער טויבֿ'.

4. אַרויסבֿרענגען פֿון זיך אַ ריח (צוזאַמען מיט דער אַרויסגעאָטעמטער לופֿט). אָ, מ י ט ציבֿעלע, קנאָבֿל. אָ, מיט בֿראַנפֿן. די סאָסנעס אָ, מיט אָזאָן. „אַלע האָבֿן געאָטעמט מיטן ריח פֿון אויסגייענדיקע ליכט", בֿערג, בֿ◌ִים דניעפּער 5 .II. אַרויסווײַזן אַ כּוונה, אַ געפֿיל, אַ שטימונג. אָ, מ י ט פֿרייד. אָ, מיט טרויער. „דער פֿײַנד אָטעמט מיט טויט, ער מיינט אונדז אײַנצושלינגען לעבֿעדיקע„, י. ט. וואָהלמאַן איבֿז, יפֿתּחס נדר, ווילנע 1873.

6. מעט. לעבֿן. זשיפּען. „איך קען דאָ ניט אָ', איך מוז אַוועק פֿונדאַנען", רייד. אָ, פֿרײַ,

אַטענדירן

אומגעשטערט. *ער אָטעמט נאָו = ער זשיפּעט נאָך, לעבֿט נאָך. *אָטעמסט נאָך? = האַלטסט זיך נאָך אויף די פֿיס? האָסט נאָו ניט אָנגעזעצט? האָסט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבֿן? אע. „האָבֿן מענטשן ווידער אָנגעהויבֿן צו לעבֿן, אָ, פֿרײַער, און די וועלט איז ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן„, ממוס, מסעות.

„מע זאָל אַזוי די ווערטער [פֿון געזעץ] קענען טײַטשן, אַז קיינער זאָל ניט קענען טאָן אַן אָטעם אַ פֿרײַען„ פֿרוג 7 .II. אָפּרוען, (אָפּ־
,
כאַפּן דעם אָטעם. אַזוי פֿיל אַרבעט אַז מע קען ניט אָ'. „דער פֿאָרמאַן לאָזט אונדז ניט אָ'„, רייד.

8. פֿיג. מיטן בּ1 & בּבּ 3־6. עס אָטעמט מ י ט פֿרילינג. עס אָטעמט שוין מיט האַרבּסט. „הערסטו דאָס רוישן, דאָס קלאַפּן? דאָס אָטעמט די וועלט מיט איר ריזיקער בּרוסט“, אַר, 'צו מײַן האַרץ,. „לאַנגזאַם זיפֿצן אויס די קלאַנגען, קוים וואָס ס'אָטעמט נאָך די פֿידל„, יהואָש, 'פּאַגאַניני'. „די ווײַסע הענט האָבן אַן אָטעם געטאָן מיט אויסגעוואַרעמט...געלעגער„, אָפּאַ, 'טויזנט דאָלאַר'. „ער הערט דאָס גליִען פֿון דעם פֿראָסט, דאָס אָ, פֿון ווײַסן שניי“, הר, פֿאַרנאַכט. „מאַך איך צו די גרויסע אויגן און עס אָ, מחשבֿות“, קוו, טריט. „אַיעדע שטיקל חורבֿה האָט געלעבּט, געאָטעמט האָט אַיעטווידע רואינע“, פּמ, מלחמה. ־ונג — „דאָך פֿלעגט כלאָראָפֿאָרם ערנסט אַטאַקירן די בּלוט־צירקולאַציע און עטער — די אָ'„, פֿגעז, ווילנע 8 1940, .No

מיט ז י ו — עס אָטעמט זיו גרינגער,

פֿרײַער. □ער — נעאָל. „אַן עסער, אַן אָ',
אַ גייער איז ניט קיין ספּעציאַליסט„, אַבֿא
גאָרדין, דאָס פֿרײַע וואָרט, בֿ„א 45 1959, No.
אַ טעמפּאָ — אַדוו. < איט. מוזט. צוריק
צו דעם ערשטן טעמפּאָ (וואָס מע האָט געהאַט
פֿאַרפֿאַמעלעכט אָדער פֿאַרגיכערט).

אָ טעמפּאָראַ, אָ מאָרעס□ — זאַ□ו, ל.
'אָ, צײַטן! אָ, פֿירונגען!, [שטאַמט פֿון
קיקעראָס (ציצעראָס) רעדע קעגן קאַטילינאַ].

געניצט מיט בֿבֿ: די צײַטן זײַנען ערגע□ די
פֿירונגען פֿון מענטשן זײַנען ערגער, די
מאָראַל פֿון פֿאָלק פֿאַלט אע. „צײַטן בײַטן זיך
און מיט זיי — אָ ט', אָ מ'", חיים ליבֿערמאַן,
שטימע פֿון טאָל. שפּאַסיק ווערטל: אָ ט', אַ מ,
— אָ ווײַבֿער, אָ צרות.
אַטען — גנ. הויפּטשטאָט פֿון גריכנלאַנד.
1965 — 3,200 ייִדן [אײַנוו, — 1,852,700].
אין תּלמוד — אתּונא [חכמי אתּונא — די
פֿילאָסאָפֿן פֿון אַנטיקן גריכנלאַנד]. אַ רעגולערע
ייִדישע קהילה איז אויפֿגעקומען אין אַ, אין
1834. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן
אין אַ, געלעבט קרובֿ 5,000 ייִדן, ספֿרדים און

אַשכּנזים. פֿרילינג 1944 האָבּן די נאַציס
דעפּאָרטירט 1,000 ייִדן, וואָס זײַנען אומגעקומען
אין אוישוויץ און בּערגן־בּעלזן. אַ גרעסערע
צאָל ייִדן פֿון אַ, האָבּן נאָך דער מלחמה עולה
געווען קיין מדינת־ישׂראל.

אַטענדירן — טרוו. ־דיר, אַטענדירט. שפּאַ. בּאַהאַנדלען עמעצן מיט אויפֿמערקשאַפֿט, בּאַדינען (אַ קליִענט, פּאַציענט אדגל). ,,דער

אָנאַטענדן

געשטעלטער אַטענדירט דעם קליִענט,,. ,,איך האָבּ אים אַטענדירט אַזוי גוט ווי איך האָבּ געקענט‘‘; ,,איך בּעט מיך צו אַ, וואָס פֿריִער,,; ,,דער פּראָפֿעסאָר אַטענדירט בּלויז אין שפּיטאָל,,, רייד (אַרגענטינע).

אַטענדן — אוטוו & טרוו. אַטענד, אַטענדעט. אָמ. 1. <. . ◻ :to atten(l. בּײַזײַן, זיך בּאַטייליקן. ,,ווייניק מעמבּערס אַ, די מיטינגען פֿון בּרענטש,,, רייד. 2. בּאַזאָרגן, בּאַדינען, אויפֿפּאַסן. ,,דו קענסט גיין, איך וועל שוין אַ, (צו) די קינדער‘‘; ,,דריי זיך ניט אַרום, אַטענד די קאָסטאָמערס,,; ,,זאָרגט זיך נישט, צו דעם (דאָס) וועל איך שוין אַליין אַ',,. ,,און אַז מיר

קומען פֿון סקול, העלפֿן מיר אַ, די ביזנעס.
אַזוי טאַקע, מיט דעם לשון, זאָגט די מאַמע,,,
שע, מאָטל....
אַטענטאַ'ט — דער, ־ן. < איי < ל.
אויסגעפּלאַנטער איבערפֿאַל צו דערהרגענען (
געוויינלעך מיט פּאָליטישע כּוונות). ,,רעוואָלוציאָנערן
...וואָס פֿלעגן פּלאַנעווען און דורכפֿירן אַ'ן
אויף הויכע צאַרישע טשינאָווניקעס,,, מוק,
מײַנע באַגעגענישן. ,,דעם אויספֿירער פֿונעם אַ,
האָט מען גלײַך געכאַפּט און איבערגעגעבן צום
מיליטער־געריכט“, רייד. ,,פּענעק בלייַבט לעבן
...ניט געקוקט אויף אַלע אַ'ן וועלכע
בערגעלסאָן מאַכט אויף אים“, שנ, ייִדישע שרייַבער
אין סאָוו, פֿאַרבאַנד ־אָר — אויספֿירער,
באַ
טייליקטער אין דווכפֿירן אַן אַטענטאַט. אויך:
־טעטער. נר.
אַטעניי', אַטענעאום — דער. טרעפֿט זיך
אין מערבֿ־אייראָפּע און אַמעריקע ווי אַ נאָמען
פֿון אַ ליטעראַרישן קלובֿ, אַ ביבליאָטעק, אַ
לייענזאַל, אַ קאָנצערט־זאַל אע [ווײַל אין רוים
האָט דער אימפּעראַטאָר האַדריאַן געשאַפֿן אַ
שול פֿאַר פּאָעזיע און אָראַטאָרישער קונסט
מיט אָט דעם נאָמען. ← אַטענע.]

אַטענסיאָ'ן — די, ־ען (־עס). שפּאַ. אַכטונג. טובֿה. אויפֿמערקזאַמקייט. “הערט זיך צו צו זײַן וואָרט, ער איז ווערט די אַ',,; ,,אַ', אַ'! איך שפּרינג אַראָפּ!,,. ,,אַזוי ווי ער איז מיר שולדיק אַן אַ', פֿאַרלויפֿט ער מיר אַלע וועגן,,, רייד (אַרגענטינע).

אַטענע — די. בּא. < איי < גר. 1. (גריכישע מיטאָלאָגיע) געטין פֿון חכמה, בּאַשיצערין פֿון געזעץ און גערעכטיקייט.

2. די, ־ס. קלענערע סאָווע פֿון די לענדער בּײַם מיטלענדישן ים
[צייכנט זיך כּלומרשט
אויס מיט
אויסנעמיקער קלוגשאַפֿט און
דערפֿאַר אָנ גע רופֿן
מיט דעם נאָמען פֿון
דער געטין פֿון חכמה].

.A□1ןene nOe□ua

אַטענציע — די. מצ נבֿ. ie□en□a: □ □ ־ <.
אויפֿמערקזאַמקייט, געוואָרנטקייט. ,,מאַך אַ, ווי דו גייסט אין סליאַקעט [= בּלאָטע], וועסט זיך נאָך פֿאַרדריפּען בּיז איבּערן קאָפּ“, רייד (בּעס).

אַטענשן — די. מצ נבֿ. אַמ. attention: [illegible]. <.
אויפֿמערקזאַמקייט. „פּליז, גיט מער אַ, (צו)
דעם רעדנער!„, רייד.

866

אַטעסטאַ'ט — דער, ־ן. < איי < ל. 1. שײַן,
שריפֿטלעכער דאָקומענט, סערטיפֿיקאַט אַז מע
האָט געענדיקט אַ שול (ס'רובֿ אַ מיטלשול,
אָבער אויך אַ הויכשול, אַ פֿאַכשול, אַ
קונסטשול). „קומט אַהער, אַהער, דאָקטוירים,
אינזשינערן, אַדוואָקאַטן...מיט דיפּלאָמען, אַ'ן„,
פֿרוג III, 'צוויי בילדער'. „הויפּנוויז פֿאַרלאָזט
דער יונגער דור די שטעטלעך און גייט...זוכן
בילדונג און אַ'ן זיך אויסצומענטשלען„, בעמ
I. „איך האָב מיך פֿאַררופֿן אויף מײַן אַ, פֿון
דער דראַמאַטישער שול„, יובֿל־זב, לכּבֿוד דר,
א. מוקדוני. „מחמת ער קלערט
אַרויסצובאַקומען אַן אַ, פֿון אַ ייִדישער גימנאַזיע מיט
פּראַוועס אויף זעקס קלאַסן“, ווײַס I, ,דער
לערער גרינשטיין'. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט
ל י[illegible], פֿון אַ גימנאַזיע גערופֿן 'אַ,
זרע[illegible]

= אַ, פֿון צײַטיקייט. „דער
דירעקמע

טאָר האָט באין־אופֿן ניט געוואָלט נאָכגעבן
[אַז דער עקזאַמען זאָל ניט זײַן אום שבת]
און דער גימנאַזיסט וואָס האָט שוין געהאַלטן
דעם לעצטן עקזאַמען צו ענדיקן...מיט אַן אַ,
ז'...איז אַרויסגעטראָטן ניט־געענדיקט און האָט
ניט געוואָלט מחלל שבת זײַן“, ייִפֿאָל, 1885,
.No 34

2. יעדער אָפֿיציעל צונויפֿגעשטעלטער אָדער
באַשטעטיקטער דאָקומענט. אַן אַ, פֿון פּאָליציי
אַז מע האָט גוט זיך אויפֿגעפֿירט. אַ, פֿון דעם
פֿאָרשריכטער. „ער האָט אַרויסגענומען דעם
פּאַק אַ'ן און אַנידערגעלייגט אויפֿן טיש„,

מ. אחון, די צוויי סוועגער, ווילנע תּר„ס.
„אַלזו האָט מאַן לאזין דיא גנצי עצה [=
שטאָטראַט] הולין אונ, אינין דען הורג גוויזין
...זולכיט דיא עצה אַך פּראָטאָקלירט אונ, אָטע
וטאָטום פֿון געבּין“, גה, 243.

3. שריפֿטלעכער אַרויסזאָג מיט אַן
אָפּשאַצונג. שריפֿטלעכע רעקאָמענדירונג. נײַע פֿילן
מיט אַן אַ, פֿון אַ צאָל דאָקטוירים. אָפּט איר
בײַטעם. „וואָס ווילט איר, איך זאָל שוין דער

בעל־הביתטע אַרויסגעבן אַן אַ, אויף שיינקייט?,,, ספּ, סודות. ,,[ער] ווייס אַפילו ניט די העלדן פון זײַן אייגענער קולטור, זאָלן מיר זיך ניט אײַלן אַרויסטראָגן אים דעם אַ, פֿון 'מער מענטש'“, זשיט II, נ,,י 1912. ,,אַזאַ שרעקלעכן אַ, האָבן ענגלענדער געקראָגן צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר,,, גרינ, בלעטלעך פֿון אַ טאָגבוך.

אַטעסטאַציע — די, ־ס. יעדער פֿאָרעם אָדער פּראָצעדור פֿון אַטעסטירן. אַקציע פֿון אַטעסטירן. ← דוווו.

אַטעסטירן — טרוו. ־טיר, אַטעסטירט. 1. באַשטעטיקן (בעל־פּה אָדער בכתבֿ) דעם אמת פֿון אַן ענין אָדער אַ פּאַסירונג. ,,אַלע די־פּיס האָבן אַטעסטירט די זעלביקע אינקרימינאַציעס קעגן נאַצישן לאַגער־קאָמאַנדיר,,, רייד. יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פיורדא, תקל,,ד, ניצט אַ, ווי אַ סינאָנים צו באַצײַגן. ,,זאָלטן זיא...פֿר שטין אונזרי קלוגהייט...זאָלטן זיא גוויש זעלבשׂטן אַ, מוזין דאשׂ מיר...גרושׂי חכמה אונט תּבֿונה האבן,,, חנוך בר, צבֿי הירש איבז, אגרת בעלי חיים, הענא 1718.

2. ספּעצ. אָפּגעבן גבֿית־עדות, עדות זאָגן. אַ אַז מע האָט דעם מענטשן געזען... 3. ספּעצ.

,

אָטער

זיו אונטערשרײַבן ווי אַן עדות, ווי אַ
באַשטעטיקער. אַ, מיט דער אייגענער האַנט אַז דער
דאָקומענט איז אַ ריכטיקער. אַ, אַז די צוואָה
איז ניט געפֿעלשט. "דשׂ אַטעשׂטערא איך מיט
מײַן אייגני האַנט (אונ, חותם). וואַר
אונטרצייכנט יעקבֿ דע מאַנן", שאַר, קלח/ב.
אַטעפּאָליע — די, ־ס. (באָטאַניק)
טאָפּאָל(בוים). בוים (אין אַ צאָל
וואַריאַציעס) פֿון מעסיקן
קלימאַט אין אייראָפּע,
צפֿונאַזיע און צפֿון אַמעריקע.
-
וואַקסט אין פֿײַכטע ערטער
הויך און שמאָל. ווערט
אָפֿט קולטיווירט ווי אַ
דעקאָראַציע. דאָס ווייכע
האָלץ פֿון אַ, ווערט
געניצט דערעיקר אין דער
פֿאַבריקאַציע פֿון שוועבעלעך.
[Po

u1usאָטעקל — דאָס, ־עך. פּר. גאַליציע. ok▯o: ▯.
שטיקל פֿעטס, מענוסע, אַרום קישקעס פֿון אַ
געקוילעטער בהמה. אַז מע מאַכט געפֿילטע
קישקע ניצט מען אויך אָ'עך.

אָטער — דער, ־ס (־ן). M▯d: o▯e▯.

דזוו פּישאָטער.
זויג־חיהלע פֿון
אייראָפּע און
אַמעריקע; לעבט בײַ די
ברעגן פֿון טײַכן
און ימים; איז אַ
געשיקטער שווימער
און דערנערט זיך
דערעיקר מיט פֿיש
און קלענערע
וואַסער ־ באַשעפֿענישן.

די ברוינע גלאַנציקע פֿעל פֿון אָ, איז אַ
ווערטיק אַרטיקל אין דער פֿוטער־אינדוסטריע.
„איין איינציקער פּישאָטער קאָן...אויפֿעסן אַלע
קאַרפּן פֿון אַ גרויסן טײַך“, ראשית למודים,
לבֿוב 1862. „אויף אַ זײַט געוויגט זיך האָט
ער, אויף אַ זײַט אין טײַך געפֿאַלן, מיטן
קאָפּ אַראָפּגעטונקט זיך, אין דאָס וואַסער ווי אַן

אָ',,, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. (vu1ga is) utra].
אָטער — די, ־ן. < נאָטער, אַ נאָטער, אַן אָטער.
. 1. אַגג. a(1(1 פֿרגל] . ־ ' : n
גיפֿ]. אויך: אָ,־
ש
טיקע שלאַנג, קרובֿ
אַ מעטער און אַ
האַלבֿ די לענג;
טונקל־רויטע פֿעל מיט
שוואַרצלעכע
פֿלע.־־ קן; לעבֿט אויף
זוניקע פֿלעצער אין
טרוקענע וועלדער, לרובֿ אין די לענדער אַרום
מיטלענדישן ים. בּאר משה פֿאַרטײַטשט ,שׂרף
מעופֿף, (ישעיה, יד, 29): ,,בּרענדיקער אוטער
פֿליהדיג,,. מלל פֿאַרטײַטשט 'אפֿעה, (ישעיה,
נט, 5): ,,אָטרין“. ,,אין דעם טורן ויל [= פֿי]
מענכר בּוזר וואורם ליף, פֿון איגדשן אונ,
אוטרן אונ, שלאַנגן“, בּבֿא־בּוך, 250. ,,בּײַא
אוטרן אונט שלאַנגן וערט מן אין שטראָפֿן,,,

אַטערמאַנ(ט)יש

ספֿר משליס, פֿפֿדמ 1686. „אבֿר שלאַנגן אודר
אוטרין דיא מן ניט גיוויש ווייש דאז זיא
דיא לײַט ממית זײַן, טאָר מן זיא ניט ממית
זײַן“, לט1, עז/בֿ. „די גיפֿטיקע שלאַנגען, די
וויטנדע אָ'ן...שפּרינגען בעסער אין פֿײַער און
אין וואַסער“, ייִפֿאָל, 1888 4 No, בײַלאַגע.
.־□]□era as][□s
אין תּי שטענדיק אָ'שלאַנג, למשל: „גיפֿט
פֿון אַן אָ, איז אונטער זייערע ליפּן„, תּהלים,
ק
2. וואַסערשלאַנג. אומשעדלעכע קליינע
מ, 4.

שלאַנג. „זי איז לײַכט צו דערקענען דורך די
צוויי העלע פֿלעקן בײַ די זײַטן פֿון קאַפּ.
זי איז אומשעדלעך, האַלט זיך אויף בײַם
וואַסער און דערנערט זיך מיט זשאַבֿעס“, פֿגעז,
.,]□ro]□i(1onotus nat□i:□.16 No ,1932 ווילנע
אַטערמאַנ(ט)יש — אַדי. > איי > גר.
(פֿיזיק) וואָס נעמט ניט אויף און וואָס שטראַלט
ניט אויס קיין היץ. ־מאַנטיע — צושטאַנד
פֿון זײַן אַטערמאַנטיש.
אָ'טע'רשטיק — אַדי. וואָס איז אָט ערשט
געווען. אַן אָ'ע דערשײַנונג. „אָ'ער אַמאָל“,

צײַט, גש I. ־יקייט.
אָטפּאָ'ר — דער, ־ן. רוס [געניצט בלויז אין פֿאַררוסישטן ייִדיש]. ווידערשטאַנד. אָפּשטויס, צוריקשטויס. קריגן אַן אומגעריכטן אָ'.
אָטפּוסט — דער, ־ן. 1. דזוו אָדפּוסט ←. „ס'פֿאָלק האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און שטיל מיטגעזונגען ווי אויף אַן אָ,“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. 2. אויך: יאַריד, מאַרק מיט געשטעלן, סטראַגאַנעס, וואָס מע האָט אויסגעשטעלט בײַ אַן אָ'. „איך וועל אַ קוק טאָן וואַסערע זאַכן מע קריגט אויפֿן אָ',,.
אָטפּוסק — דער, ־ן. רוסיצ. 1. דערלויבעניש פֿאַר אַ סאָלדאַט פֿון רוסלענדישער אַרמײַ צו פֿאָרן אַהיים אויף אַ קורצער צײַט און די צײַט פֿון אורלויב. קריגן אַן אָ, אויף צוויי וואָכן. זײַן אויף אָ'. „נאָך 15 יאָר אויף אַן אָ'...,,, קמ, 2 .1865, No l9. אורלויב, וואַקאַציע בכלל. פֿאָרן אויף זומער אין אָ,. „אַז מע פֿלעגט זיך גרייטן צו אַ פּאָגראָם, פֿלעגט.. ער בעטן זיך אין אָ, און פֿון דער שטאָט אַוועק“, פֿרוג III. שפּאַסיק: נעמען פֿון דער ווײַב אָ'; דער שׂכל איז בײַ אים אויף אָ'. אָטפּוסקנע — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו, איז פֿון אָטפּוסק. אָ, געלט. געניצט אויך סוב. „נאָר

אַז מע וויל נאָר באַרעכענען אַז די מדינה
מוז האָבן מיליטער און אַז מע האָט שוין
אַלע אָ, גענומען,,,
לעט — דאָקומענט אין
קמ, 2 1862, No. ־ניק.
אָטפּוסקנאָי בּי
רוסלאַנד בּײַם קריגן אָטפּוסק.
אָטפּראַוויטעל — [ווייכע ל] דער, ־עס. רוס.
עקספּעדיטאָר. ווער עס פֿאַרנעמט זיך
פּראָפֿעסיאָנעל מיטן אָפּשיקן סחורה מיט דער באַן
(שיף). אָ, פֿון תּבֿואה.
אָטפּראַוועןָ — טרוו. ־ווע, אָטפּראַוועט. סל.
רוסיצ. o(l]▯ra'▯i▯: ▯־. אַוועקשיקן,
אַרויסשיקן, אָפּשיקן. אָ, אַ פּאָסילקע. אָ, אויפֿן
פֿראָנט. ,,[מע] האָט אים תּיכּף אָפּגעשיקט אין
טורמע און טאַקע בּאַלד אום יום־טובֿ מיט

807

דעם עטאַפּ אָטפּראַוועט,,, קמ, 24 l864, No.
,,ער האָט גענומען עטלעכע טרונק בּראַנפֿן...
און מע האָט אים בּאַלד אָטפּראַוועט“, [
פֿרומקין], ווינדעריל בּן ווימעריל, וואַרשע 1870.
,,דער סטאַראָסטע האָט זיי געזאָגט אויף דעם

אויער, מע זאָל אים אָ, און מע זאָל אים
נישט מענטשען,,, אַמעריקאַנישע נליקן,
וואַרשע 1895. ,,יענע וואָך, וואוהין ער האָט '
אָטפּראַוועט אַ טראַנספּאָרט, געהילץ,,, אַר, 'דער
שמעק טאַבּאַק'. *אָ, אויף יענער־וועלט. ,,האָבּן
די זלידניעפּקער...ערפֿונדן דעם פּלאַן...אָ, אַלע
אָרעמע קראַנקע צו זייערע זיידעס אויף
יענערוועלט!...,,, צ. ה. האָרנשטיין, זלידניעפּקער
לעבּענדע..., בּאַרדיטשעוו תּרנ,,א. *אָ, צו די
ווײַסע בּערן = פֿאַרשיקן קיין צפֿון־סיבּיר. אויך
מיט ז י ך — זיך לאָזן גיין, פֿאָרן. ,,איך
וועל זיך בּעסער אָ, אין מײַן אייגענעם ווינקל,,,
יָענדראָף, 'אַ חנוכּה־נאַכט אין סוכּה'.
אָטפּראַווקע — די, ־ס. → דפֿוו. אָפּשיקונג.
,,דאָרט איז געווען אַן אָ, [פֿון רעקרוטן],,,
קמ, 48 1868, No. [נ. בּרוסילאָוו, די שטילע
ערד, זז, 298, 305, ניצט אָ, פֿאַר לוויה.]
אָטפּריסק — דער, ־ן. רוס. אָפּשפּראָץ. ,,איך
ווייס אַז איר טראַכט זייער ווייניק וועגן
אַזעלכע 'בּורזשואַזנע אָ'ן, ווי איו,,, ש. בּרעגמאַן,
דורך קריג און רעוואָלוציע.
אַטפֿו, — אינטעריעקציע. אויסרופֿוואָרט (אַזוי
ווי) בּײַם אויסשפּײַען אויף (וועגן) עפּעס (
אָדער עמעצן), ווי אַן אומאיידעלער אויסדרוק

פֿון ביטול, פֿאַרדראָס אע. „אַ'! זע נאָר...אַז
דער רוח זאָל דאָס נעמען„, א. מ. פֿוקס.
אָטקאַ'ז — דער, ־ן. רוסיצ. (שטרענגער
אָפֿיציעלער אָפּזאָג (מצד עמעצן וואָס האָט מאַכט).
„נאָר ער האָט אים געענטפֿערט מיט אַ פֿעסטן
אָ'„, ארז, קמ, No ,1867 36. „ניט געוואוינט
צו הערן פֿון איר מאַן אַן אָ'“, אמד, דער גואל,
ווילנע 1866. ווערבֿ: אָטקאַזע(ווע)ן,
אָטקאַזשען. דער דאָקטער האָט אים
אָטקאַזעוועט דאָס לעבן. אויך מיט ז י ך — זיך
אָפּזאָגן. „דערווײַל וועט קאָסטן טײַער, וועלן זיך
פֿיל אָ'„, קמ, No ,1868 29.
אָטקאַזטשיק — דער, ־עס. רוסיצ. נר.
1. ווער עס זאָגט אָפּ (פֿון אַן אַרבעט אע).
2. ווער עס זאָגט זיך אָפּ אונטערצוּוואַרפֿן אַ
באַפֿעל. „לויט די סאָוועטישע טורמע־
רעגולאַציעס מוז מען געבן דרײַסיק דעקאַ ברויט
אַפֿילו פֿאַר אַן אָ, (איינער וועלכער זאָגט ז ך
אָפּ צו אַרבעטן)„, אַמעריקאַנער, XII 1958 5.
אָטקאָ'ס — דער, ־ן. רוסיצ. 1. שיפּוע פֿון
א באַרג פֿון אַן אָנשיט. “צום גליק איז דאָס
— — ,
[אַראָפּפֿאַלן] געווען אויף אַ נאַסיפּ [=
אָנשיט] און ער האָט זיך באַלד אַראָפּגעקײַקלט

פֿון אָ',,, ייִפֿאָל, 2 .34 '1887 No. דאָס וואָס
איז באַלכסון. אונטערשפּאַרן דעם פּלויט מיט
אַן אָ', מיט אַ קרום אָפּגעזעגט קלעצל.
אָטקאָסיק — דער, ־עס. סל. 1. אָפּשניצל.
גיין צום שוסטער אַרויפֿצוקלאַפּן אַן אָ, אויף
דער זויל. ,,אַרויפֿלייגן נײַע זוילן איז צו
טײַער, ס'וועט זײַן גענוג אַ פּאָר אָ'עס",
רייד. 2. אַ קאָסינקע, אַ דרײַקאַנטיקע
פֿאַטשיילקע פֿאַרן קאָפּ אָדער האַלדז, דיאַגאָנאַל

אטר

(קאָסע) אָפּגעשניטן פֿון אַ גאַנצן שטיק
מאַטעריאַל.
אָטקופּ — דער, ־ן. רוסיצ. (אין צאַרישן
רוסלאַנד) 1. אַרענדע פֿון מאָנאָפּאָל־אַרטיקלען;
אַקציז. ,,אַלע אָ'ן וועל איך נעמען אין פּאָדראַד
און וועל אָנהייבן לעבן מיט פּאַראַד", אבּנ.
,,וואָרעם ער איז אויך געווען פֿריִער אַן
אָביעזדטשיק אין אַן אָ',,, קמ, 13 1867, No.
,,איר זענט דאָו אַ בן־תּורה און קענט
שרײַבן, וואָס דאַרפֿט איר גאָר אין אָ, בלײַבן?",

גאָר, די באָרד. "איך געדענק נאָך די אַלטע
צײַטן, די גליקלעכע, די ליכטיקע גאָלדענע טעג
פֿונעם אָ, מיט די קאָנצעסיעס", ש פֿרוג III.

.

,,עס איז זיי פֿאַרבליבן דער דאָזיקער גאָמען
נאָך פֿון אָ,, פֿונעם אַקציז,,, שע, יאָסעלע
סאָלאָוויי. 2. סתּם אַרענדע. ,,[דער] פֿאָטער האָט
די אָזערע אין אָ, געהאַט,,, י. בודזאָהן, דאָס
חנוכּה ליכטעל, ווילנע 1895. ,,— הייסט עס,
קלערט איר נעמען דאָרט דעם פּאָדראַד? אַ
בית־המקדש סטראָיען...ניין, איו נעם דעם אָ,

אַ געשעפֿטל פּערווי סאָרט" פֿרוג,
משיחס,

צײַטן'. 3. אויסקויפֿגעלט. כאַבאַר.
דאָרט, ,

־נאָי'(ע) — אַדי. ,,עפּעס אַן אָ, יאָלד מיט
אַ פּאַפּירענער מאַנישקע שלעפּט פֿאַרשימלטע
קאָלבאַסן פֿון זײַן צעריסענער רײַזעטאַש,,, קמ,
.No '1868 49

אָטקופּשטשיק — דער, ־עס. רוסיצ. נר.
← אָטקופּ. אַקציזניק. רענדאַר. אַן אָ, פֿון
בראָנפֿן. ,,און אַז דער אָ, וועט פֿאַרדינען
ווייניקער מיט ר, זהובֿים אַ יאָר וועט ער...בדלות

ווערן?,,, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. ,,די נגידים זאָלסטו אָפּגעבן כּבֿוד...די ראָשי־הקהל ...בעלי־טאַקסעס, אָטקופּציקעס, צעכמײַסטער וכּדומה,,, יצחק בער לעווינזאָן, הפֿקר־וועלט.
אָטקראָווענע — אַדי. רוסיצ. נר.
אָפֿנהאַרציק. אָ'ער מענטש. ,,לסוף האָט ער דעם פּאָ.. סעסאָר געזאָגט אָ', אַז ער קען אים דעם קאָנטראַקט ניט זאַיאַווען,,, קמ, 22 1868, No.
"איר מעגט אַ ביסל פֿאַראיבל האָבן, אָ,, איך האָב ליב צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן,,, ייִפֿאָל, 1882, No 41.
אָטקריטקע — די, ־ס. רוסיצ [שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין רוסלאַנד]. 1. פּאָסטקאַרטל. אָנשרײַבן, אַוועקשיקן, קריגן אַן אָ'. ,,אײַער לאַמטערן מיט דער אָ, האָב איך ערהאַלטן,,, פּ. זאַמאָשטשין אין אַ בריוו צו ספּ, 1895 [ייִבל XIX □]. ,,דער בריוו איז געווען נאָר אַן אָ',,, א. ו. אַלטמאַן, דער פֿאַבריקאַנט, ווילנע 1893. ,,זײַט געזונט און שרײַבט אָ'ס...אָדער איך שרײַב אַרײַן אַן אָ, צו מײַן שותּף", שע, ,אַ דאָקטער'. ,,.—־ און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע!...[האָבן מיר דרײַ קאָפּיקעס אַקוראַט אויף אַן אָ'", אַר, 'צוויי ברידערלעך,. 2. בילד(ל) אויף האַרטן פּאַפּיר, די גרויס ווי

אָ פּאָסטקאַרטל. אַן אָ, מיט דער הויפּטגאַס
פֿון דער שטאָט.
אטר — [איטער] דער, ־ס (זן). אויך: איטר.
< שופֿטים, ג, 15. גערלינקטער. ווער עס
טוט אַלץ מיט דער לינקער האַנט. „אַן א,
לייגט תּפֿילין אויף דער רעכטער האַנט„,
קיצור שולחן ערוך.

אַטראַבירן

אַטראַבירן — טרוו. ־ביר, אַטראַבירט. אַרכ.
er□[attra:□. <־ כאַפּן, פֿאַרנעמען. „זײַא
ווישׂן...אין דרײַסיג טאָג ווערן מיר צו דיר
גירייכין און ווערן דיך אַ, אין גימערק דײַן
ערב„, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בית י□Iראל
ובית הבּחירה, אַמשט 1724.
אָטראַווע — די, ־ס. רוסיצ. 1. סם. „מע
קען עס אין מויל ניט נעמען, ס'איז אַן אָ'„,
רייד. 2. זייער שלעכטער מענטש (געווײנלעך
וועגן אַ פֿרוי). ווי קען ער לעבן מיט אַזאַ אָ'.
אָטראַנטאָ — גנ. אויך: אוטראַנטו. שטאָט
אין דרום־איטאַליע. אַ ייִדישער ייִשובֿ זאָל אין
אָ, האָבן עקסיסטירט זינט טיטוסן, וואָס האָט
אַהין געבראַכט געפֿאַנגענע נאָך דעם חורבן.

געשמט אין מיטלעלטער מיט איר גרויסער
ישיבֿה. אין די קרײַזן פֿון רבינו תּם איז
געווען אָנגענומען דער פּאַראַפֿראַז: 'כּי מבֿאַרי
תצא תּורה ודבֿר ה, מאוטרונטו'. דער ייִדישער
ייִשובֿ איז חרובֿ געוואָרן סוף 15. י"ה.
אַטראַ'ס — אַדוו. שפּאַ. אויף הינטן, צוריק.
,,כאַפּ אַ קוק אַ''', רייד (אַרגענטינע). אַ'אַדאָ
— דער & די. פֿאַרשפּעטיקטע(ר),
צוריקגעשטאַנענע(ר). ,,מע זעט גלײַך אַז דער בחור
איז עפּעס אַן אַ',,, רייד. אַ'ירן — זײַן
צוריקגעשטאַנען; פֿאַרשפּעטיקן.
אַטראָפּי'ן — דער. בא. עקסטראַקט פֿון
גיפֿטיקן געוויקס אַטראָפּע ←, געניצט אין דער
פֿאַרמאַצעווטיק ווי אַ שלאָפֿמיטל, אַ רפֿואה
קעגן אַסטמע, צו מילדערן ספּאַזמען אאַ. ,,כּדי
צו שטילן די ווייטיקן און דאָס קוועטשעניש
זײַנען פֿאַראַן אַנדערע מיטלען, ווי פּאַנטאָפּאָן,
מאָרפֿיום, אַ',, פֿגעז, ווילנע 15 1929, No.

,
־פּיזם פֿאַרגיפֿטונג מיט אַ'.

.
אַטראָפּע — די, ־ס. (באָטאַניק) גיפֿטיקער
וואַלד־געוויקס פֿון אייראָפּע
און מערבֿ־אַזיע, מיט

פורפור־בלומען און
שוואַרץ־וויאָלעטע יאַג(ע)דעס (
משוגעת־קאַרשן). פֿון די
בלעטער און וואָרצלען פֿון אַ,
באַקומט מען אַטראָפּין.
.AtrO]▯a bel1a(1onna
אַטראָפֿיע — די, ־ס. < איי < גר]
ניטדערנערונג]. 1. אויסצערונג, איַינצערונג פֿון
אַ קעמערל, געוועב, אָרגאַן, טייל פֿון קערפּער
מחמת דעפֿעקטיווער בלוט־צירקולאַציע (אָדער
אויך אַנדערע סיבות). אַ, פֿון אָרגאַנען וואָס
זיַינען מער ניט נייטיק פֿאַרן לעבן.
פּאַטאָלאָגישע אַ, פֿון אַן אבֿר. אַ, פֿון די מוסקלען
פֿון די הענט און פֿון די פֿיס. ,,לאַנגזאַמער
צוריקגאַנג פֿון אַלע געשלעכט־אָרגאַנען [ביַי
פֿרויען] ביז צו פֿולשטענדיקער פֿאַרקלענערונג
(אַ'),,, פֿגעז, ווילנע 1928, 2l No.
2. בכלל איַינדאַרונג, אָפּשוואַכונג, דאָס
אויפֿהערן פֿונקציאָנירן. ,,דאָ האָבן מיר אַ
פֿולשטענדיקע אַ, פֿון געפֿילן בכלל,,, א. גאָלאָמב, ייִבל
,,ניט אַנדערש ג▯. ער ליַידט אויף אַ, I, 1▯.
פּ▯ן חובֿ־געפֿיל,,, רייד ־פֿיש — אַדי ־קייט.
I
.

־פּיזם — צושטאַנד פֿון אַטראָפֿיע, ספּעצ
דאָס אויפֿהערן וואַקסן.

-

אַטראָסירט — אַדי, פּאַר ← דווו. אַ'ע
געפֿילן. אַן אַ'ע האַנט. „מוזן אין אונדז
אויפֿגעוועקט ווערן האַלבֿ־אַ'ע קינסטלערישע
קרעפֿטן“, יג, תּוך I. ־קייט — „לינטש, פּאָגראָם,
מלחמה, קלאַסנקאַמף, הונגער, זנות,
מאָראַלישע אַ'“, נאַד, טינט און פֿעדער, נ„י 1936.

▯

אַטראָסירן — טרוו. ־פֿיר, אַטראָפֿירט. מאַכן
אַז עפּעס זאָל אָפּצערן, איינדאַרן, איינשרומפּן,
אויפֿהערן פֿונקציאָנירן. אָפּט אין פּאַסיוו. „אַ
שאָס האָט אַטראָפֿירט די פֿינגער פֿון דער
רעכטער האַנט“, רייד. „דער רוסישער פּויער
איז שרעקלעך אָרעם...בײַ אים זײַנען
אַטראָפֿירט געוואָרן אַפֿילו די נאַטירלעכע
באַדערפֿענישן„„ בן־חופֿש, אַ פּאָליטישע אָדער אַ
סאָציאַלע רעוואָלוציע7 [נ„י 1905]. „זײַן
באַגײַסטערונג פֿאַר פּרצן ווי אַ קינסטלער איז געווען
אַזוי גרויס, אַז זײַן...קריטישער חוש...בנוגע

פּרצן איז אינגאַנצן אַטראָפֿירט געוואָרן“, מוק,
י. ל. פּרץ און דאַס ייִדישע טעאַטער. „אין
אים איז אַטראָפֿירט געוואָרן אַ וויכטיקער חלק
פֿון זײַן עמאָציאָנעלער ירושה“, גרינ, איד
און וועלט. „אַ פּראָדוקט פֿון גלות וואָס האָט
אָפּגעשטעלט און אַטראָפֿירט די אַנטוויקלונג פֿון
אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן„, ש. ראַווידאָוויטש,
ייִבל XXI, 2. ־ונג — „די אָפּגעטעמפּטקייט
און אַ, פֿון יעדן חוש פֿאַר יושר און
גערעכטיקייט„, ש. לעשצינסקי, פֿאַש, 2 1953 I.
אַטראָציטע'ט — די, ־ן. < איי < ל.
אַכזריות. די נאַצישע אַ'ן. „ניטאָ קיין מלחמה
אָן אַ'ן„, רייד.
אַטראָקאַרפּוס — דער, ־ן. ברויטבוים.
(באָטאַניק) 'בוים פֿון
ברויטפֿרוכט'. וואַקסט אין
טראָפּישע און סובטראָפּישע געגנטן.
די פֿרוכט פֿון אַ, האָט די
פֿאָרעם פֿון אַ גרויסער מעליקער
באַרנע און פֿאַרנעמט אַ
וויכטיקן פּלאַץ אין דערנערונג
פֿון די אָרטיקע אײַנוואוינערס.
□ □ □roear]□us

אַטראַקטי'וו — אַדי. < איי < ל. 1. וואָס
האָט דעם כּוח צוצוציִען (מיט שיינקייט,
חנעוודיקייט אָדער מיט נוציקייט, פּראַקטישקייט).
צוציִעוודיק. ,,ווען זי פּוצט זיך אויס, איז זי נאָו
אַ'ער,,, רייד. אַן אַ, בּילד. אַ'ער אָנבּאָט. ,,אַזוי
ווי אונדזער האַנדלס־בּאַלאַנס איז אַן
איינזײַטיקער, אַ נעגאַטיווער, איז יעדער עקספּאָרט זייער
אַ',,, צ,.
2. (פֿיזיק) וואָס ציט צו. אַ'ע קראַפֿטן. אַ'ער
מאַגנעטיזם ־קייט — אַ, פֿון דעם אַנדערן
.
געשלעכט. ,,אָפּשאַצונגען בּנוגע פֿיזישער אַ'‘‘,
לל, ייִבּל XXXI־II.
אַטראַקציע — די, ־ס. 1. אַקט אָדער
פּראָצעס פֿון צוציִען. נאַטירלעכע אָדער קינסטלעכע
אַ'. שאַפֿן אַן אַ'. 2. בּאַזונדערע זאַך (זאַכן)
וואָס טיילט זיך אויס און ציט צו דעם
אויפֿמערק. דאָס בּילד, געבּראַכט פֿון רוים, איז
געווען אַן אַ,. וואָס זײַנען די אַ'עס אויף דער
אויסשטעלונג, אויפֿן יאַריד אאַזוו7
3. בּאַזונדערער, ספּעציעלער מענטש,

פֿאַראַטריבּוט

ווײַלער, קינסטלער, פֿירער אע וואָס ציט צו.
„ווער וועט זײַן די אַ, אויפֿן אָוונט?“, רייד.
„אַ גוטער רעדנער איז תּמיד אַן אַ'„, רייד.
די בײדע סטאַרן, די אַ'ס. „ווי שרײַבט מען
וועגן פּאַריז, ניט דערמאָנענדיק די פּאַריזער
מיידלעך, די גרויסע אַ, פֿון פּאַריז„, מוק,
מײַנע בּאַגעגענישן. 4. אַלץ וואָס העלפֿט
אַרײַנציִען אַן עולם, העלפֿט פֿאַרווײַלן. די אַ,
פֿון דער פֿאָרשטעלונג, די שיינע דעקאָראַציעס.
בּרענגען אַן אַ'. „אויך מחוץ בּערלין איז די
פּורים־שפּיל געווען אַן אַ, פֿאַר ניט־ייִדן„,

י. שאַצקי, ייִבל ▯ 1, X.

5. (פֿיזיק) קראַפֿט צווישן צוויי פּאַרטיקלען
מאַטעריע וואָס ציט זיי איינס צום אַנדערן.
כּוח־המושך. געזעץ וועגן אַ'. ווערבּ:
אַטראַקטירן.

אָטרוטע — די, ־ס. otruta: ▯. [= פֿאַרסמט.]

[סם =] a▯ן▯ק[o'r: ▯ ▯. סל. סם. סם־המות.
בּיטער ווי גאַל — אַן אמתע אָ'. „פֿע,
אין מויל ניט אַרײַנצונעמען, אַן אָ,!“, רייד.
אָטר(י)אַ'ד — דער, ־ן. רוסיצ. אַרמיי־
אָפּטייל. אָ, פֿון פּאַרטיזאַנער. „האָבן זיי גענומען
געפֿאַנגען אַ קליינעם אָטראַד פֿראַנצויזן“, קמ,

1865, No l0. ,,מע האָט זיי באַלד אָפּגעשיקט
מיט אַ גרויסן אָטראַד נאָך די גרענעצן פֿון
מאַראָקאָ,,, אמד, די וויסטעניײַא זאַהאַראַ, ווילנע
1868. ,,ער וועט נאָך הײַנט אויסטיילן אַן
אָ, פֿון אַ מאַן דרײַסיק,,, ש. גאָדינער, דער
מענטש מיט דער ביקס, מאָסקווע 1933. ,,די
קעמפֿער פֿון אָטריאַד זײַנען אַלע געווען
ערשטקלאַסיק באַוואָפֿנט'', לייב קאָניוכאָווסקי, ייִבל
II □ וּXXX. ,,אַז דאַווידקאַ איז געקומען אין אָ',
האָט מען פֿון אים אונטערגעחוזקט צו
ביסלעך,,, □ מחה סנה, 'דאָס געשריי אין דער
נאַכט'.

אַטריבו'ט — דער, ־ן. < איי < ל. 1.
תּוכיקע אייגנשאַפֿט, אַזאַ וואָס איז ספּעציפֿיש,
איז אַ סימן־מובֿהק פֿון אַ סובסטאַנץ. אידיי,
דערשײַנונג. ,,די אוראַלטע אַ'ן פֿון גאָט לויט
שמות, לד, 5: אַ דערבאַרעמדיקער, אַ
לײַטזעליקער, אײַנגעהאַלטן אין צאָרן, רײַך אין
גענאָד און טרײַשאַפֿט,,. די ספּינאָזישע אַ'ן פֿון
שטח און דענקען. ,,אַלע אַ'ן וואָס מע שרײַבט
צו צו גאָט האָבן בלויז דעם זין פֿון אַ משל,
פֿון אַ בילד, דערגייען אָבער ניט צום תּוך'',
קאָר I. ,,אויב עס זײַנען פֿאַראַן פּאָזיטיווע
אַ'ן פֿון אַן אָדם העליון, זײַנען עס געטלעכע

אַ'ן, מדותיו של הקדוש־ברורהוא, הדבק
במדותיו,,, דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 2 □ 1961 I.
,,דער יודאַאיזם...ווי אַ טייל פֿון דער ייִדישער
נאַציאָנאַלער קולטור שטעלט מיט זיך פֿאָר
דעם אַ, פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער
אידייע,,, זשיט II □, נ,,י 1917. ,,התלהבֿות איז
נישט קיין געטלעכער אַ', התלהבֿות איז גאָטס
מתּנה פֿאַרן בן־אָדם,,, ש. ביקל, שרײַבער פֿון
מײַן דור I. ,,זײַנען ליבשאַפֿט,
באַרעמהאַרציקייט און גערעכטיקייט די געטלעכע אַ'ן
אינעם מענטש,,, פּרץ, געדאַנקען און איד.יען.
2. קוואַליטעט וואָס איז ספּעציפֿיש. ,,די
צווייטע דראַמע זײַנע...האָט אַלע אַ'ן פֿון אַ
דראַמע", מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטעך.

אַטריבוטידו

,,מיט פֿעלקער גלײַך: מיט מלוכהשאַפֿט, מיט
אַלע נאַציע אַ'ן פֿון פֿעלקער,,, אפֿא, ג □ בטראַכט
-
מיט עבֿרי־טײַטש. ,,פֿון צו פֿיל חלום און
צו פֿיל וואָר — וואָס ווייסטו פֿון זייערע
אַ'ן?,,, אַלטער עסעלין [אָפּקלײַב 1957]. 3.

עמבלעם וואָס בינדט זיך טראַדיציאָנעל מיט אַ (סימבאָלישער) פֿיגור. די וואָגשאָל איז דער אַ, פֿון דער געטין פֿון געזעץ און משפּט.

4. (גראַמ) זאַכבאַשטימונג. וואָרט (אָדער גרופּע ווערטע□) וואָס ציט זיך צו אַ סובסטאַנטיוו. געוויינלעך ווערט דער אַ, אויסגעדריקט דורך אַן אַדיעקטיוו, אויו דורו אַ סובסטאַנטיוו מיט אַ פּרעפּאָזיציע, דורכן פּאָסעסיוו אאַ.

אַטריבוטי'וו — אַדי. ← דפֿוו. פּפֿ: אַ'יש, נר. וואָס איז פֿון אַן אַטריבוט, האָט אַ שײַכות צו אַן אַטריבוט אָדער פֿאַרבײַט אַן אַטריבוט. אַ'ער אַדיעקטיוו. „זיך צוגעוואוינען צו דער אַ'ער פֿאָרעם„, זר, ייִפֿאַ, 1 1938, No. „פֿון אַן אַדווערביאַלער פֿראַזע קען ווערן אַן אַ'ע, אויב די פֿראַזע ציט זיך צו אַ סובסטאַנטיוו און ניט צו אַ ווערב„, ייִשפּ 3 ,XX. ־קייט.

אַטריבוטירן — טרוו. ־טיר, אַטריבוטירט.

1. צוציִען; צושרײַבן, צורעכענען. „דעריבער אַטריבוטירט דער מדרש דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף צו ישׂראל“, אבֿא גאָרדין, ייִדישע עטיק.

2. צושרײַבן, געפֿינען אַן אַטריבוט צו אַ סובסטאַנטיוו.

אַטריבוציע — די, ־ס. 1. פֿונקציע אָדער

התחײַבֿות, װאָס מע שרײַבט אײנעם צו. „דאָס גײט ניט אַרײַן אין מײַנע אַ'ס". 2. סכום רעכט פֿון אַ יחיד אָדער אַ גרופּע (באַקומען װי אַ פּריװילעגיע לויט אַ כאַרטיע אע). "
האָבן אַנטװיקלטע געמײנדן...לאַנגזאַם, יעדעס מאָל מיט אַ ספּעציעל דערלױבעניש...זײערע אַ'ס (רעכטן) פֿאַרשפּרײט, פּאַרטיפּט", פּרץ, געדאַנקען און אידײען.

אַטריום — דער, ־ס. < איי < ל. 1. (אין אַנטיקן רוים) גרויסע סאַליע, אינעװײניקסטער הויף אין די הײַזער פֿון די רײַכע פּאַטריציער. דער אַ, האָט געדינט װי אַ סאַלאָן אױפֿצונעמען געסט. 2. (אַנאַטאָמיע) אײנס פֿון די אײבערשטע צװײ קעמערלעך פֿון האַרץ װאָס קריגן בלוט פֿון די װענעס.

אָטריזשקע — די, ־ס. רוסיצ. 1. גרעפּץ. אַרויסרײַס פֿון די אינעװײניקסטע גאַזן דורכן מויל. פֿון אַזעלכע מאכלים באַפֿאַלט די אָ, ביז נאָכן ערשטן תּענית. 2. שלעכטער טעם אין מויל פֿון ניט־פֿאַרדײַטער שפּײַז. אַן אָ, פֿון נעכטיקן טשאָלנט.

אָטרע'ז — דער, ־ן. רוסיצ. שטאָף אָפּגעשניטן פֿון אַ באַל סחורה, װאָס איז גענוג אויף אַ מלבוש. קויפֿן אַן אָ, פֿאַר אַן אָנצוג און

נאָך אַן אָ, אויף אַ מאַנטל. 2. רעשטל פֿון שניט־סחורה. אַן אָ, קאָסט וויניקער.

אָטרעמבּעס — די. בּמ. □ otr□b: □. <.
1. קלײַען, הײַטלעך פֿון תּבֿואה־קערנער.
2. אָפּפֿאַל, פּסולת. „האָב ניט צו טאָן מיט די אָ„„, רייד.

אַטרעקשן — די, ־ס. אַמ. a□traetion: □ <.

אַטראַקציע. „אַ קונצנמאַכער איז שטענדיק אַ גרויסע אַ, פֿאַר (צו) קינדער“, רייד.

אַטש — אינטעריעקציע. < אוק. גענוצט בײַם אויסדריקן פֿאַרוואונדערונג פֿאַרדראָס, בייזקייט. „אַ', ווי סע רעדט עס מיט אַ טאַטן. בּיסט אַ מבֿין?“.

אָטשאַדעט ווערן — פּאַסיוו. ווער אָטשאַדעט, בין אָטשאַדעט געוואָרן. פֿאַרטשאַדעט ווערן. קריגן קאָפּווייטיק, קאָפּשווינדל פֿון טשאַד, רויך. אויך פֿיג. „דער קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרדרייט, איך בין געווען שיכּור, עפּעס ווי אָ, געוואָרן“, שע, דאָס גרויסע געווינס.

אָטשאָ'ט — דער, ־ן. □ל. רוסיצ. אוטשאַט. אָפּרעכענונג. דין־וחשבון. געבן, קריגן,

אָפּנעמען אַן אָ'. „אפֿשר וועט דער אָ, באמת דינען פֿאַר אַ מוסטער אין אַנדערע אַנשטאַלטן„, קמ, 1869 20 ,No. „פֿון זיי נעמט איר דען אָפּ ווען ניט איז אָ'?„, פֿרוג III. „ליבער גאָט! דו ביסט דאָך באַלעבאָס, קומט דיר ניעפּרעמענאָ אַן אָ'„, צײַט, גל III. ־נאָסט — די, ־ן. [געניצט בלויז אין פֿאַררוסישטן ייִדיש.] „בפֿרט אַז ער שטעלט שטענדיק צו אָ אַלע

,

-

יאָר„, קמ, 1868, No 15.

אַטשאַיענע — אַדי. רוסיצ. זייער מוטיק. וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פֿאַר אַ סכּנה. אַן אַ'ר, גייט אַליין קעגן דרײַ. אַן אַ'ר וואָס טראָגט אַרום פּראָקלאַמאַציעס.

אָטשאַקאָ'וו — גנ. שטאָט אין אַדעסער קרײַז. 1897 — 1,480 ייִדן [10,786 אײַנוו']. געווען ים־באַזע פֿון טערקײַ. אין 1788 האָבן רוסן אײַנגענומען אָ'. געבליבן דער אויסדרוק: אײַננעמען אָ, = אויפֿטאָן אַ גרויסע זאַך. „גלײַך ווי איך האָב דאָ אײַנגענומען אָ, אָדער געוואונען אַן אוצר„, שע, 'עולם הבא'.

אָטשאַרעווען — טרוו. ־רעווע, אָטשאַרעוועט. סל. אויך: אָטשאַראָוועו, רוסיצ. 1. פֿאַרכּישופֿן (מיט שיינקייט, חן, קלוגשאַפֿט). זי קען אַלעמען אָ, מיט אירע אויגן. 2. פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט פֿאַלשע רייד. אָ, די אַלמנה און אויסנאַרן בײַ איר צירונג.

אַטשו, — אינטעריעקציע. אויסרופֿוואָרט, געניצט בײַם פֿאַרטרײַבן חזירים. „לויפֿנדיק שרײַט ער הויך אויף אַ קול: — אַטשו! אַטשו! חזירוקע„, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

אָטשוכען זיך — אוטוו ־כע זיך, זיך אָטשו.

כעט. ▯C▯]r'a▯נ▯ ▯וO: ▯ ▯ <. דזוו אויסטשוכען (זיו) ←.

אָטשומיי'ען זיך — אוטוו. ־מייע זיך, זיך אָטשומייעט. סל. אויך: אָטשומייעט ווערן. זײַן, ווערן איבעררײַשט פֿאַרוואונדערט, גע, פּלעפּט. "איך האָב זיך אַזוי אָטשומייעט, ווען מע האָט מיר אָנגעזאָגט אַז ער איז אונדזער נאַטשאַלניק„, רייד.

אָטשיבּקעס — די. בּמ. a▯]▯(▯]שr'o: ▯ ־ <. גרינע ציבּעלעס, שטשיפּיאָר. אָפּשנײַדן די אָ', זיי צעשנײַדן און עסן מיט סמעטענע.

אָטשי'סטען — טרוו. ־טע, אָטשיסטעט. סל.
1. אָפּרייניקן פֿון שמוץ. אויסרייניקן. אָ, די
שטיוול. 2. פֿיג. באַגנבֿענען. אויך מיט ז י ך.

אָטשענע

אָטשיסטקע — די, ־ס. רוסיצ. נר. 1.
אויסרייניקונג. 2. אַבאָרט. אויסקראַצונג. ,,פֿון די
אָפּטע אָ'ס (אַבאָרטן) איז משמעות בײַ אײַך
געוואָרן אַן אָנצינדונג פֿון דער הייבמוטער,,,
פֿגעז, בריווקאַסטן, ווילנע 7 1930, No.
אָטשיסק — דער, ־עס (־ן). o(1eis]: .
הינעראויג. מאָזאָל. ,,אַז מע האָט ניט קיין
פֿיס, האָט מען ניט קיין אָ'ן“ פֿוול. עס
,
קוועטשט אים דער אָ'. ,,אַ לעזער...פֿון וואַרשע
פֿרעגט אַ מיטל קעגן אָ'עס,, פֿגעז, ווילנע
,
10 1924, No. אָנטרעטן אויפֿן אָ, = אָנרירן
אַ ווייטיקדיק אָרט.
אָטשיסקע — די, ־ס. 1. דזוו דפֿוו. ,,פֿון
דער ציבעלע שנײַדן פּענעצלעך...צולייגן צו דעם
מאָזאָל און פֿאַרבאַנדאַזשירן, פֿון דעם ווערט
די אָ, ווייך און זי שיילט זיך אָפּ“, טאַרלער

רבי, סגולות ורפֿואות, [לאָדז, 1910]. 2. (
שוסטערײַ) אָפּדרוק פֿון פֿוס אויף פּאַפּיר. 3. (
שוסטערײַ) פֿאָדערשטער טייל פֿון קאַפּול.

אָטשיפּעק — דער, ־פּקעס. I]ino יo: < .

דזוו טשעפּעק, טשיפּיק. געשטריקטער קאָפּצודעק [פֿאַר חתונה־געהאַטע פֿרויען, עלטערע מענטשן]. „אַזוי דערציילט איינע אַ כוואַטסקע גויע מיט אַ בּרייטן אָ, און מיט אַ רויט פּנים„, שע, 'פּסח אין דאָרף'.

אַטשיק — דער, ־עס פֿקפֿ: אַטשיקל. זזוו

.

האַטשיק. אַ'עס פֿאַר די מאַנטלען. „מיט שנור און אַ, כאַפּ איך פֿיש און מיידלעך — מיט אַ וואונק, אַ קוש“, הר, אונטער גאָטס הימלען. „אַן אַ'ל צו כאַפּן פֿיש“, יאַכ.

אָטשיק — ← אָטשעק.

אַטשיקירן — טרוו. ־קיר, אַטשיקירט. שפּאַ. acbiear. פֿאַרקלענערן, דערנידעריקן. “מע דאַרף אַ, די הוצאות„, רייד (אַרגענטינע). מיט ז י ך — “אַטשיקיר זיך ניט פֿאַרן דירעקטאָר פֿון בּאַנק“, רייד.

אָטשישטשענע — אַדי. רוס [געניצט בּלויז אין שטאַרק פֿאַררוסישטן און פֿאַרגרעבטן ייִדיש]. אויך: אָטשיסצענע. אָפּגערייניקט.

אָפּגערייניקטער (שטאַרקער) בראַנפֿן. „[ייִדן] פֿרעסן ניט צו פֿיל...זויפֿן ניט צו פֿיל ביר, וויַין און אָטשיסצענע,‟ ייִפֿאָל, 21 l887, No. „מיר האָבן שוין אין מאָנאָפּאָלקע אָ', אַ מחיהדיק ביסל משקה,‟ פּבֿ.

אָטשנע סטאַווקע — פֿראַזע. רוסיצ [געווען פֿאַרשפּרייט אין צאַרישן רוסלאַנד]. 1 פֿאַרהער —

.

פּנים־אַל־פּנים מיט אַן עדות וואָס באַשולדיקט. געבן, קריגן אַן אָ, ס'. שטיין אויף אַן אָ, ס.. „ביַי דער אָ, ס, אין דעם טריבונאַל...האָט דאָס מיידל...דעם מערדער ערקענט,‟ ייִפֿאָל, 1887, 23 No. „אַז די פּאָליציי האָט אים געפֿונען, איז דער ייִנגל געשטאַנען מיט אים אָ, ס'‟, שמעון בעקערמאַן, דער מאָרגן שטערן, אַדעס 1884. „אַן אָ, ס, ביַים סליעדאָוואַטעל‟, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. 2. זעאונג אין תּפֿיסה. „ענדלעך האָט זיך דער פֿאָטער דערשלאָגן צו אַן אָ, ס, מיט איר,‟ קמ, 51 1868, No.

אָטשענע — די, ־ס. אויך: נאַטשינע.

a▯I]▯]▯[]a▯]: ▯־ <. 1. בלעטער און בכלל דער גאַנצער אייבערשטער טייל פֿון אַ גרינס,

וואָס זײַן וויכטיקסטער שפּײַז־טייל איז אין דער
ערד. אָ, פֿון בולבעס פֿון בוריקעס פֿון
רע,   ,
טעד. „די רעכטע פֿרוכט פֿון קאַרטאָפֿל ליגט
אין דער ערד און דרויסן איז נאָר די אָצענע,
וואָס טויג צום טײַוול“, אמד, באַרוסקע דער
שומר, ווילנע 1871. 2. ספּעצ. דינער וואָרצל
פֿון קאַרטאָפֿל, וואָס פֿון דעם וואַקסן אַרויס
עטלעכע קאַרטאָפֿל. „מע רײַסט אָפּ די בולבעס
פֿון די אָ'ס און מע פֿאַרברענט די
אויסגעטריקנטע נוצלאָזע שטענגעלעך„, רייד. 3. שפּײַז
פֿון בוריקעס־בלעטער.
אָטשעפּ — דער, ־ן, ־עס. סל. אויך: אָצעפּ.
1. דרענגל וואָס מע ציט מיט אים עמערס
וואַסער פֿון ברונעם. דעם אָ, האָט מען
דערטרונקען אין ברונעם און וואַסער האָט מען
געמוזט אַרויסציִען מיט די לייצעס. 2.
שלאַגבוים, קאָנטראָל־שטאַנג (בײַ אַ גרענעץ, בײַ
אַן איבערפֿאָר איבער אַ באַן־ליניע). בײַם אָ,
האָבן פֿורן און פֿוסגייערס אָפּגעוואַרט ביז
דער צוג וועט אַדורך.
אָטשעק, אָטשיק — דער, אָטשקעס,
אָטשיקעס. > סל, o□]□י 1 .o. פֿאַניר וואָס איז

וויַס(לעך) און האָט קײַלעכדיקע טונקל־ברוינע פֿלעקן וואָס דערמאָנען אין הינעראויגן אָדער אויגן. 2. מין פֿון קליאָן־ביימער וואָס פֿון זייער האָלץ ווערט געמאַכט דער פֿאַניר וואָס הייסט אָ'. „צוקער־קליאָן אָדער אַמעריקאַנער קליאָן. אין פֿאַרקויף און צווישן סטאָליאַרעס באַקאַנט אונטערן נאָמען אָטשעק„, בער.

אָ'טשערע(ד) — די (דער), ־עס, ־ן. רוסיצ. אָגאָנעק (←.). ריי בײַם קויפֿן עפּעס; ריי אָנצוקומען צו אַ באַאַמטן, בײַם אַרײַנקומען ערגעץ. שטיין אין אָ, נאָך ברויט. אַרויסגיין פֿון אָ'. „עס וואַרטן...דאָרט הינטער דער טיר נאָו מענטשן, איטלעכער מיט ז׳דן „אָטשערעד'", שע, „בײַם דאָקטאָר'. „אין זיצונג־זאַל...איז געשטאַנען אַן אָ', אַלץ תּכשיטים...אונדזערע געבענטשטע צאַצקעדיקע יונגעלײַט„, משה קוזניצקי, דרײַ שותּפֿים, גראָדנע, יאָר?

אָטשערעדן — אוטוו. ־עדע, (גע)אָטשערעדעט. פֿטמ. סל. שטיין אין אָטשערעד. "ווייַ וויפֿל שעה אין מעת־לעת עס קומט אויס צו אָ, ביז מע קריגט אַלץ וואָס מע מוז האָבן פֿאַר אַ ביסל בעלי־בתּישקייט", פּב.

אָטשערע'ט — דער, ־ו. פּפֿ: טשע'רע'ט. דזוו אַאיר ←. „מיר גייען פֿאַרבײַ דעם

נילבּרעג...צווישן די אָ'ן האָט מען געפֿונען משהס קאָשיקל,,, קאָר II. ,,ציִען זיך ווײַט און ברייט ...סעדער און גערטנער, ביימער און אָ'", יודישער קאַלענדאָר לשנת תּרע"ב, לעמבּערג 1911.
,,טריבּער שטאָלץ פֿון טײַכן־אָ',,, פֿײַן, גרויסשטאָט. ,,די גאַנצע שטאָט ייִדן האָבּן זיך געבּויגן צוזאַמען מיט די וואַקסענע ליכט, ווי אויפֿגעווינטיקטע אָ'ן,,, פּמ, דור־אויס דור־אײַן.
אָטשערעטינע = שטענגל פֿון אָ'.
אָטשקאָ, — די. מצ נבֿ. רוס. קאָרטנשפּיל
21. מאַכן אַן אָ'. פֿאַרלירן אין אָ,.
אָטשקו'ר — דער, ־ן, ־עס. < סל. פּפֿ:
אָ'טשקער, אָ'טשקאָר. שנור
אַרײַנגענייט אין אַ שטאָף. פֿון דעם גרונטבּאַטײַט:

87()

1. הויזן־שנור וואָס פֿאַרבּײַט אַ גאַרטל.
אונטערהויזן אָדער אייבּערהויזן מיט אַן אָ'.
פֿאַרציִען דעם אָ,. דער אָ, האָט זיך צעריסן און די הויזן זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן. ,,דער דיין אונדזערער האָט שטענדיק אויף זײַן לעבּן ניט געהאַט קיין לאַנגן אָ'קער בּײַ די הויזן",
דלוגאַטש, די וועלט־מסורה, וואַרשע 1881. 2. שנור,

אַרײַנגעניית אין אַ העמד. „מיט אַלע כּוחות
האָבֿ איך אים אָנגעכאַפּט בײַם אָ'קאָר פֿון זײַן
לײַוועגטן העמדל“, בֿן־עמי, די קינדערשע
יאָרן, יוד, פֿאָלקסביבליאָטעק, 1 No, קיִעוו 1888.
3. שנור צו פֿאַרציִען אַ פֿאָרהאַנג. „ציט אַראָפּ
...װײַסע פֿאָרהענגלעך פֿון פֿענצטער, ציט אַרויס
פֿון זיי אָ'קורלעך„, קוו, 1919. 4. בײַטל
וואָס מע פֿאַרציט מיט אַ שנור. ל2. 5. הויבֿ,
קאַפּטער וואָס מע פֿאַרציט מיט אַ שנור.
־דיק, ־נדיק — אַדי. „דעם שאַרבֿן־קאָפּ אין
אָ'קורנדיקן קאָפּטיכל צו מיר פֿאַרריסן — מײַן
מאַמע קרימט די שטיקלעך פּנים קבֿרדיק„,
קוו, 9▯9▯.
אָטשקעלע — דאָס, ־ך. o▯]▯י0: ▯ ▯.
קליינע מאָס פֿאַר פֿליסיקייט, אַן ערך אַ גלעזל.
כּוסע (וועגן אַלקאָהאָל־געטראַנקען). „באַלד
נאָכן דאַוונען מוז איך עסן און בײַם עסן
מוז איך נעמען עטלעכע ביסלעך בראַנפֿן און
אַן אָ, ווימאָראָזיק“, ייִפּאָל, 3 1886, No.
א“י — ר„ת פֿון: אורך ימים, אינו יהודי, אינו
יכול, אַריכת־ימים, ארץ־ישׂראל.
אי — קאָנ. < סל. פֿאַרבינדט און שטעלט
גלײַך (אין מאָס, אין ווערט, אין צײַט אאַזוו).
װײַזט אויף פּאַראַלעלקייט בײַ זאַצגלידער פֿון

דעם זעלביקן שניט אָדער בײַ קלענערע זאַצן
וואָס גייען אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון אַ
לענגערן זאַץ. דזוו און (□..), אויך (□I..), און
אויך, הן, דערצו גאָך. טרעפֿט זיך
איינמאָליק אין זאַץ, געווײנלעך אָבער צוויימאָליק
און אַפֿילו מערמאָליק.

דער איינמאָליקער אי באַטײַט אָפֿטערס: אויך, דערצו נאָך. „זיי ווילן עס, אי מיר ווילן עס„, רייד. „אים גלוסט זיך עסן אי טרינקען„, רייד. „עס קומט די מומע, אי דער פֿעטער קומט באַלד„, רייד. „די מלאָכה האָט ליב אַ כּוסע, אי דאָס אַ גרויסע„, שוו. „ער וועט שוין אי אַזוי טאַקע שטאַרבן אָן מוסר„, מס, משלי תּקע״ד, ה, 23. „איז אפֿשר אין האַרץ אַפֿילו אי אַ מתנגד“, יפּ, 86. „אי דאָרטן איז מיט מיר די הילף זײַנע„, ממוס, זמירות.

„אָרעם אי רײַך — מע מישט זיי אויס מיט דער בלאָטע גלײַך„, ממוס, שירה. „ער קויפֿט אויף יעדן סוכּות פֿאַר זיך אַליין אַן אתרוג...
אי ד אָ ס מוז עס זײַן אַ מבֿחר“, מ. מ. אויזערקיס, ן(ער פּריוואַטלעהדער II, דראָהאָביטש 1898. זן קען פֿאַרבײַטן ק י י ן. „לאָזט ניט אויס פֿון אונדז אי איינעם“, ממוס, יודל.

צוויימאָליק, ווײַזט אויף ביידע פּערזאָנען,

זאַכן, ענינים, מעגלעכקייטן: אי אָרעם אי רײַך,
אי אַהין אי אַהער, אי דער טאַטע אי די
מאַמע, פֿאַרלירן אי די־וועלט אי יענע־וועלט, ס'וועט
בּרענגען אי געלט אי כּבֿוד, וואָס ווילסטו? אי
דאָס אי דאָס (יענס)? האָבֿן אי אויף עסן אי
אויף גיין אין באָד. „אי דער וואָלף איז זאַט

אי

אי די ציג איז ניט צעריסן", פֿוול. „ער האָט
פּחד אי פֿאַר די שדים אי פֿאַרן דונער",
פֿוול [איר וועגן אײַנרעדעניש אַז דער דונער
הרגעט אַוועק די שדים]. „אי ס'וועט פֿאַר דיר
גוט זײַן, אי ס'וועט פֿאַר עם גוט זײַן" פֿמ.

„אי דאָס [גוטע] אי דאָס [שלעכטע] האָט אַלץ
גאָט געמאַכט איינס קעגן אַנדערן", מס, קהלת
תּקע„ט, ז, 14. „ס'קען דער מענטש
אַהינאַהער זיך קערן, אי אַ מלאך אי אַ טײַוול
ווערן", ממוס, יודל. „אי איך האָבֿ געמאַכט
אַ געשעפֿט, אי מענטשן הערן אויף צו קוילען
איינס דאָס אַנדערע", שע, ,ווען איך בּין
ראָטשילד'. „עטרות זענען אויך געווען אי כּסף
טהור, אי זהבֿ טהור", פּרץ, געדאַנקען און

אידייען. „אַלע לימודים זײַנען אי חול אי קודש, אי מענטשלעך אי נאַציאָנאַל“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922. „די ייִדישע צײַטונג — זי גיט אי נײַעס אי תּמצית“, יג, טמז, 19□ 19□ II.

אויך מערמאָליק: „אי פֿאַרשטונקענע פֿיש געגעסן אי שמיץ געקראָגן (ריטער געלייזט), אי געלט געצאָלט“, פֿוול. אי גוט אי קלוג אי שיין. „[דער בּנין] אי הויך אי בּרייט אי גרויס — כאָטש טאַנץ, כאָטש דאַוון מיט אַ מנין„, פֿרוג I, 'די לאָקשנבּרעט'. [די קאָמע בּײַם צוויימאָליקן אָדער מערמאָליקן אי איז אָפּהענגיק פֿון דער אינטאָנאַציע, צי עס איז פֿאַראַן אַ פּאַוזע בּײַם רעדן.]

אי — [אַרויסרייד: יע?] קאָנ & אַדוו. אַרכ.

e[,ie : □ □ M. בּאַטײַט: וואָס...אַלץ... „איר לושׂט ק[אַ]ם איר אי לענגער אי ועשׂטער [= פֿעסטע□]„, בּבֿא־בּוך, 108. „דער דוכּס... הילט דעם חסיד אי לענגר אי בּעשׂר„, מבּ, מעשׂה קעה. „אַטייל עשירים זענן אי רײַכר אַלשׂ זיא איז אי ווינגר איר [= זייע□] צדקה איז, אי מער אַלשׂ זיך אירי רײַכטום מערן, איר רחמנות זיו מינערן טוט“, משה

אײַזענשטאַט איבֿז, דרך הישר לאבֿן בוחן, 1746.
,,אי גרעשׂר און מעהר דער פֿײַנע בריה טדט
זײַן, פֿירט ער זיך וויא דער בֿרג סיני שפֿל
און קליין,,, עיון, סג/א.

אי — אַרכ אויסלייג אַנשטאָט איי (←) מיט בֿ
א י י ד ע ר. ,,אי זי דשׂ וורט הט אויז גיריט,
דא גיוואן זי נוו איינן שונן קנאַבֿן,,, בבֿא־בוך,
444. ,,ביטרעכט דיך וואול אי דוא פֿאָלגשׂט
אין" [= זיי, די פֿרויען], צוכט. ,,אי מן זאָל
פֿר זיצן, זאָל מן זיך איין העלצרנין מאַן
שניצן,,, בראַנט.

אי — [אַרויסרייד: אײַ? איי?] די. מצ נבֿ. אַרכ.
□: □ □M. שידוך. מצבֿ פֿון בינדונג צווישן
מאַן און ווײַבֿ. ,,דישׂ הערצוגן טוכטר בֿון
בורגונייה דיא וואור אים צו דער אי גיגעבֿן,,,
בבֿא־בוך, 6. ,,דען מאַן דעם איו צו דר אי
גיהאַט האבֿ, דא האבֿ איך קיין קינדר מיט אים
קענן ביקומן", מבֿ, מעשׂה קנה.

אי, — [ווערט רעקאָמענדירט אויסצולייגן מיט
אַן אַפּאָסטראָף] א י ז אין געוויינלעכע רייד.
די פֿאַרקירצונג קומט פֿאַר קאָנסאָנאַנטן. ז
ווערט תּמיד אויסגעלאָזט פֿאַר ז — אי, זיי
טאַקע שלעכט; דאָס אי, זײַן באָבעס דאגה;
ס'אי, זומער. ז פֿעלט אויך פֿאַר זש, ס, ש

אי״א

— ד □:ו אי, זשאַמעלע, דאָס אי, סימעלע און דאָס אי, שיינדעלע. אין געוויינלעכן, גיכערן רעדן ווערט דער הילפֿסווערבֿ איז פֿון דער פֿאַרגאַנגענער צײַט רעדוצירט צו אי'. ער אי, געקומען, זי אי, געוואָרן קראַנק, ס'אי, געבֿליבֿן בײַ אונדז. אי, קען קומען פֿאַר אַ ל ע קאָנסאָנאַנטן: דאָס אי, בֿאַקאַנט, עס אי, בֿעסער אַזוי: עס אי, געזונט; ווער אי, דאָס?, דאָס אי, הייליק?, ס'אי, ווײַט, עס אי, טרויעריק, דאָס אי, ייִדיש?, ער אי, כיטרער פֿון אײַך, ס'אי, לא היה ולא נבֿרא, עס אי, מאַשקעס קליידעלע, עס אי, נאָך ניט שפּעט, דער גאַנצער ענין אי, פּריקרע, וואָס אי, פֿאַרפֿאַלן?, עס אי, צו גוט אַז דאָס זאָל זײַן אמת, די ווירע אי, קרום, זײַן פֿעטער אי, רײַך. אי, קען זיך טרעפֿן אויך פֿאַר וואָקאַלן, ווען דאָס פּריִערדיקע וואָרט ווערט שטאַרק בֿאַטאָנט, למשל: דאָ'ס אי, עסן? דאָ'ס אי, אַרבֿעטן? [ניט געקוקט אויף דער אָפּטקייט פֿון אי, אין ריידשפּראַך, זן אין שרײַבֿשפּראַך.] „געלויבֿט אי, גאָט פֿאַר דעם„, פּמ. „דאָס אי,

דער וואָס האָט קיינמאָל קיין תּשובֿה ניט
גענטאָן“, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832, אות יט.
אי״א — ר״ת פֿון: איש ירא אלוקש (←.).
אַיאָ'? — זאַצוואַרט. קומט אַרײַן אָנהייבּ
אָדער סוף פֿון אַ פֿרעגזאַץ אָדער ווערט געניצט
פֿאַר זיך ווי אַ באַזונדערער פֿרעגזאַץ.
געוויינלעך איז די פֿראַגע בלויז אַ רעטאָרישע און
מע ווייסט אָדער מע ריכט זיו אַז דער
ענטפֿער איז — יאָ. אויך ווי אַ באמתדיקע פֿראַגע,
ווען מע וויל אַז דער ענטפֿער זאָל זײַן —
יאָ. „האָסט מיך ליב, אַיאָ?„, רייד. „דאַכט זיך
אַ גלײַכע פּשרה, אַיאַ?„; „אַיאָ? איך האָבּ אײַך
געזאָגט אַז מע דאַרף אויסגיסן מיט וואַקס„,
שע. □ ...־־ נו, וואָס שווײַגט איר? אַיאָ, רחל,
איך האָבּ געטראָפֿן? □, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
„איז דאָס זייער שיין און זייער פֿײַן, אַיאָ?„,
נאַד, מאָרגן און מאָנטיק. „אַיאָ, דאָ איז ניט
שלעכט בײַ אונדז?„, סאָוו, היימלאַנד, 1965,
No 5. „די אָ'רעמע לײַט מוזן זיך נעמען צו
מלאָכות אַז נישט וועט מען ליגן אין דער
ערד. אַיאָ צי ניין?“, רייד (קאָלאָמיי).
אי אַגרא לא פּגרא — [אַגראָ לוי פּאַגראָ]
זאָץ. תּח. < בבֿא מציעא, סט/א. [אין גמרא
אַן אַנדער מיין ווי אין ייִדיש]. 'אויבּ עס איז

דאָ אַ לוין (באַלוינונג) איז די צײַט ניט געפּטרט'. „דער גבֿיר צאָלט גוט פֿאַרן לערנען מיט זײַן ייִנגל, א, אַ, — ל, פּ'„. [מע ניצט אויך די צווייטע העלפֿט: אי פּגרא לא אגרא.]

אי אַהרן בּהנא רבּא — אַת תלמידא — [... קויהאַנאָ ראַבּאָ — אַט טאַלמידאָ] זאַץ. תּח. < בּמדבּר רבּה, יח, 9. ,אויב אַהרן (בּלײַבּט) דער כּהן־גדול — בּיסטו (בּלויז) אַ תּלמיד (בּאַדינע□)'. [צווייטע העלפֿט: אי קרח כּהנא רבּאָ — אַת תּלמידא]. געניצט מיטן בּ: צװואָס זיך אײַנשטעלן פֿאַר דעם אָדער יענעם? דײַן מערכה וועט זיך סײַווי ניט בּײַטן.

אַיאַזד — גנ. □י□l)□a□□I□ו: □. שטעטל אין פּוילן, טאָמאַשאָווער קרײַז. 816 — 1897 ייִדן [1595 אײַנוו□]. אָ'ער מתים [ניט געוועזן דאָרטן

קיין בּית־עולם, מע פֿלעגט זיי פֿירן קיין טאָמאַשאָוו].

אי איישר הילי — אבֿטליניה — [אַיאַ'שער ביילי אַוואַטליי'ני□] זאַץ. תּח. < גיטין, לו/ב. 'אויב איך וואָלט געהאַט אַ דעה, וואָלט איך

עס בטל געמאַכט, [דאָס האָט שמואל געזאָגט
וועגן פּרוזבול]. אין רייד ווערן געניצט די
ערשטע דרײַ ווערטער, בּ: אויב איך וואָלט
געקאָנט, געהאַט די דעה (די מעגלעכקייט, די
געלעגנהייט). „א, א, ח, — טרײַב איך אים
אַרויס פֿון בית־מדרש„. „א, א, ח, — וואָלט
איך אָפּגעשאַפֿט טויטשטראָף„.

איאיר — [אַרויסרייד: אייער I אַדוו. אַרכ.
: M d. פֿריִער (פֿרגל אי, אַרכ = איידער).
„ניט איאיר הין וועק גיפֿארן ביז קין דיא
בּידי גנץ שיכּור זײַן גיוועזין„, גה, 106.

אַיאָ'ן — דער, ־ען. עלעקטריש געלאָדענער
(באַשטאַנדטייל פֿון) אַטאָם. פּאָזיטיווע און
נעגאַטיווע א'ען. „אַן א, איז די פֿונדאַמענטאַלע
באַזע פֿון אַן עלעקטרישער לאָדונג„ פֿאָר,

,

19 י1 I.

אי־אסשר — [עפּשע] אַדוו & פּרעדיקאַטיווער
אַדי. תּח. < קידושין, פֿב/ב אאַ.
אוממעגלעך; ס'קאָן גישט געמאָלט זײַן. „ס'איז מיר

באמת שווער און אַפֿילו א׳־א, עס צו טאָן,,,

חג, צמח אַטלאַס. ־דיק — אַדי.

א ▯ צ▯ ▯. צי▯ ▯,

געאָנהייב־אויסדרוק

-,

פֿון

, ▯כית־ דךש

אָט

ניצט צווישן תּח.

בלא הידוש — ▯.. לעווייס־האַמעדרעש

בּ(ע)לוי..▯ < חגיגה, ג/ב. ניט מעגלעך אַ
בּית־מדרש אָן אַ חידוש, אַ נײַעם אויפֿטו אין
לערנען, אין אַ ▯דבֿר־תּורה. געניצט אויך
בשײַכות מיט וועלטלעכע לערן־אינסטיטוציעס.

אי־אפֿשר לכר בּלא תּבֿן — [... לייבּאַ'ר
(לייוואָר) בּלוי טעווען] < נדרים ח/א; בּרכות,
נה/א. 'ס'קאָן ניט זײַן קיין תּבֿואה אָן שטרוי',
דה ניטאָ בּלויז ווערטיקס אָן עפּעס וואָס איז
מינערווע▯טיק; ▯ ▯י▯ ייִן מ▯א ▯ ▯ חס▯ן.

ם בּ ך▯ב א

יט לות

▯י־א▯שך

בּורסקי — [... לאָאוילאָם בּלוי בּאַסאָם אובּלוי בּורסקי] > קידושין, פּב/ב. ,די וועלט קאָן זיך נישט בּאַגיין אָן אַ בּשׂמים־הענדלער און אָן אַ גאַרבּער, [פֿון איינעם טראָגט זיך אַ גוטער ריח, פֿון צווייטן אַ שלעכטער. צווייטע העלפֿט: 'אשרי מי שאומנותו בּסם ואוי למי שאומנותו בּורסקי']. געניצט מיטן בּ: יעדע מלאָכה, אַ ריינע צי אַן אומריינע (אַ מלאָכה נקיה צי אַ מלאָכה בּזויה) — איז וויכטיק, איז נייטיק.

אי אַת גיבּור — האָ דובּא קמך — [... קאַמעך] זאַץ. תּח. > בּראשית רבּה, פּז, ג. 'אויב דו בּיסט אַ העלד — אָט האָסטו (שטייט פֿאַר דיר) אַ בּער.. [דער אויסלאָז: 'קום קפּחיניה, (קאַפּכינײַ) = שטיי אויף און בּאַזיג אים.] געניצט מיטן בּ: בּאַווײַז וואָס דו קענסט; אויבּ דו בּאַרימסט זיו, בּאַווײַז דײַן גבֿורה (דײַנע מעלות).

אי אַתּה יודע בּצערן של תּלמידי־הכמים — [... יוידייאַ בּייצאַאַראָן..] זאַץ, תּח. > בּרכות, כח/א. ,דו ווייסט (קענסט) ניט די נויט (מאַטעריעלע אָדער גײַסטיקן צער) פֿון

די תּלמידי־חכמים'. געניצט מיטן בּ: מען
אינטערעסירט זיך ניט גענוג מיטן מצבֿ און מיטן
געמיט פֿון תּלמידי־חכמים. „איר ווייסט
גאָרניט וואָס אונדזער רבֿ האָט אויסצושטיין פֿון
דעם גבֿיר, א, אַ, י'...“.
איבּוד — דער. מצ נבּ. דאָס פֿאַרלאָרן גיין
(ווערן); דאָס ניט־ווערן. געוויינלעך ניט אַליין,
נאָר אין אַ צאָל אויסדרוקן (←. וויַיטער). ←
גיין לאיבּוד. „אַלע פֿאַרשניטענע לעבּנס זיַינען
ניט אַוועק לאיבּוד אין אַן א, ווי אונדזערע
פֿאַרניכטער און ליקווידירער האָבּן געוואָלט“,
הל, טמז, 24 1951 II.
איבּוד־דמים — [... דאָמים] דער. בּא. צבּ.
תּח. געלט־פֿאַרלוסט, הפֿסד־ממון. דזוו
איבּודממון. „זאָרג זיך ניט וועגן א'־ד', געזונט איז
טיַיערער ווי געלט“, רייד. [„אדם דואג על א,
דמיו ואין אדם דואג על א, ימיו“, — פֿון
אַ מעבֿר יבּק   אַ מענטש בּאַדויערט (זאָרגט
-----.
זיך וועגן) דאָס פֿאַרלירן זיַין געלט און
בּאַדויערט (זאָרגט זיך) ניט דאָס פֿאַרלירן זיַין
וועלט (זיַינע טעג). פּאָפּולער בּיַי די מוסרניקעס
וואָס האָבּן עס געזונגען מיט אַ טרויעריקן,

צעצויגענעם ניגון. אין שידלעוו, לעבֿן קעלץ
(אפֿשר אויך אין אַנדערע מקומות) אַזאַ
אויפֿשריפֿט אויף אַ וואַנט פֿון אַן אַלטער שול □ I
איבּוד־(ה)נפֿש — [... (האַ)נעפֿעש] דער. מצ
נבֿ. < ספֿר החינוך, משפּטים, עו. 1. דאָס
אומבּרענגען אַ מענטשן (אויף אַלע אופֿנים,
אויך דורך טויטשטראָף) פֿאַרמשפּטן צום טויט
.„
מיט אַ רובֿ פֿון 12 קעגן 11 הייסט א,־נ',„
פֿרײַ איבּז פֿון דאָרטן. 2. דאָס אויפֿהערן
לעבֿן מיט עטישע ווערטן.
איבּוד־זמן — [... זמאַן] דער. צבֿ. בּא.
בּיטול־זמן; צײַט־פֿאַרשווענד. דאָס פּטרן צײַט אָן
אַ ניצלעכער אַרבּעט אַדער אָן לערנען. „דער
וואָס גיט זיך אָפּ מיט דבֿרים בּטלים
פֿאַרשולדיקט זײַן לעבֿן, ווײַל ס'איז א'־ז',„. „ווער
האָט עפּעס פֿון דער אויסבּרענגערײַ? ס'איז
ניט מער ווי א'־ז',„ שלמה סײַמאָן, טמז,
11 □י II 1958. [בּינדט זיך מיטן פּסוק אין
תּהלים, צ, 12: „לערן אונדז ריכטיק צו ציילן
אונדזערע טעג כּדי מיר זאָלן קריגן אַ האַרץ
פֿון חכמה,„ תּי.]

< בּיצה. כב/א. 'געלט־פֿאַרלוסט,. 1. שאָדן,

איבּוד־ממון — [... מאָמען] דער. בּא. תּח.

הפּסד. אַ שלעכט געשעפֿט פּירט צו א,־מ'.
פּאָרן אויפֿן יריד איז נאָר א'־מ'.
2. אויסבּרענגערײַ, פֿאַרשווענדערײַ, דאָס ניט זײַן אויסגערעכנט. „דער יצר־הרע...רעט זי אָן צו מאַכן גיהעפּטי היטליך, אַך בּעו„ה וויא איין א'־מ'. איז דאז סמוט [= סאַמעט] צו העפּטן (מי שמע ומי ראה כּזאת)...ניען [= נייען] זיא נאָך אובּן אָן אויף דען היטל גילדני קנעפּליך„, כּוכבֿא דשבֿיט, אַמשט 1695 [פּש II]. „די גרושׂי (הוצאות] וולכי זיך (מתרבה) זײַן (בּקהילתנו שלא לצורך) א'־מ, (בּעניני סעודות) — דאז פֿיל לײַט (מפּזר ממון) זײַן (שלא כּדת)„, פֿון אָמשט תּקנות, תּס"ט. „מן מאג וואַל מאַכן (תּכריכי) פֿון שין לינן אבּר קיין קנטן זונשׂט בּענדר דז איז איין א'־מ'", ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II, קיטן תּע„ז.

איבּוד־נשמה

„אַ בּר־מצווה מיט מוזיק און טענץ איז אַן א,־מ„„ רייד. . איבּוד־דמים.

איבּוד־נשמה — [... נעשאָמע] דער. בּא. תּח.
< חולין, יא/ב. [דאָרטן: דאָס אומבּרענגען אַ
מענטשן, טויטאורטייל.] 1. דאָס שטרענגע
מאָראַלישע פֿאַרמשפּטן אַ מענטשן. „אַזעלכע
בּייזע רייד זײַנען א'־נ'". 2. דאָס פֿאַרזינדיקן
די אייגענע נשמה. „קאָרטנשפּיל און שיכּרות
פֿירן צו א'־נ'".
איבּוד עצמו לדעת — [... אַצמוי לאָדאַ'אַס]
פֿראַזע. תּח. < אויפֿן סמך פֿון בּראשית רבּה,
פּב, ט. דאָס נעמען זיך דאָס לעבּן. „א, ע, ל,
איז אַ האַרבּע עבֿירה, די תּורה לייגט דעם טראָפּ
אויף דער הייליקייט פֿון לעבּן", רייד.
איבּונג — די, ־ען. דטשמ. אָפּט געניצט.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבּן זיך (←).
געניטונג. אײַנניטונג. פּראַקטיק(ירונג),
פּראַקטיצירונג. טרענירונג. טואונג וואָס חזרט זיך
איבּער לויט אַ בּאַשטימטער סיסטעם מיטן ציל
צו שטאַרקן דעם קערפּער, צו ווערן בּעסער
בּײַ אַ ספּאָרט־שפּיל אָדער אײַנצולערנען זיך
עפּעס. מ אַ כ ן א'ען. גימנאַסטישע א'ען.
גראַמאַטישע א, פֿינגער־א'ען בּײַם לערנען זיך
.
שפּילן פּיאַנאָ. קאָפּ־א'. אָטעם־א.. שטים־א'.
מיליטערישע א'ען. „אויסאַרבּעטן אַ ריכטיקע

האַלטונג פֿון קערפּער. די מיטלען דערצו
זײַנען...לײַכטע א'ען אויף מכשירים און קודם־כּל
א'ען מיט אונטערשטיצונג, ד"ה אויפֿן פֿערד",
פֿגעז, ווילנע 1 1925, No, בײַלאַגע־המכּבי.
א'־טעראַפּיע בײַ אויסצערונג פֿון רוקנמאַרך.
,,זײַנע לידער מוזן זיך ציילן נישט נאָר ווי
דיכטערישע שטאַפּלען און א'ען", יג, תּוך I.
איבּידעם — ibi□em: □־. דאָרטן, אויפֿן
זעלבּיקן אָרט. גענוצט כּדי אײַנצושפּאָרן דאָס
איבּערחזרן דעם מקור פֿונוואַנען עס קומט אַ
ציטאַט אָדער אַ פֿאַררופֿן זיך מצד דעם מחבּר.
איבּיס — דער, ־ן. < איי > גר.
וואַנדערפֿויגל פֿון דער
בּושלמשפּחה; מיטל־גרויס
(אַן ערך ווי אַ הון),
מיט קליינעם קאָפּ,
מיטל־לאַנגן האַלדז און
לאַנגן שנאָבּל
פֿאַר,
שפּיצט אַראָפּצו. האַלט
זיך אויף אַרום זומפּן,
אין סטעפּעס אָדער וועלדער, אין הייסן און
מעסיקן קלימאַט, דערעיקר אין אַפֿריקע. ,,...און
אַ מין פֿייגלעך וואָס מע רופֿט זיי א'", אמד,

וויסטעניא זאַהאַראַ, ווילנע 1868.alus□an□],
ibis. [בײַ די אַלטע מצרים איז איין מין א,
געוועןאַ פאַרהייליקטער פֿויגל. breskiornis□],
[.aethio]□iea

אי'ביצע — די, ־ס. פּד. ubiea]: □ <־
לאַנגע קאַפּאָטע, לאַנגער כאַלאַט. געהאַקטע א,
= מיט אַ שפּאַלט פֿון הינטן. אַ זומערדיקע
א'. „עס לעבן נאָך פֿאַר מיר די ייִדן פֿון
פּוילן, אין איביצלעך שוואַרצע פֿון
וואַרשעווער ריפּסן“, י. ה. ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו.
„דו זאָלסט וויסן אַז אין גן־עדן גייט מען
אָנגעטאָן אין זײַדענע איבצעס“, ח. ל.
קאַרטוזשינסקי, דיא גליקליכע פֿאַמיליע, וואַרשע 1881.

8'□

איבל — אַדי & אָדוו. bel□ך: □ □ □. 1. אַרכ.
שלעכט, בייז; ביטער. וואָס האָט אין זיך אַ
גרויסן חסרון, דעפֿעקט. וואָס ברענגט אַ צרה
(צרות). „מיר זײַני זער דר שראָקן. מיר
גיהערט האבן וויא עז צו ווינא ח„ו א, שטינד“,
פּראָגב, 28. „און, האבן עז אַזו לנג מיט מיר
אַן גטריבן, ביז מיר גנץ א, גווארן איז“,

'פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1732 [ייִבל III]. ,,זײַנן אַזו א, איבּרגיזעצט, דשׂ מן צו מאָל דאשׂ טײַטש דר פֿון ניט פֿרשטין קאַן", יוסף מאַרשן, שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תע,,א. ,,בּיגערט ער נישט אַנדרש אַז זײַן הייליגן נאמן צו דינן...עשׂ זייא [אי] וואול אודר א',,, לט1, כז/ב. ,,פֿרבּיהטן דעם א'ן מנהג קעגן רײַטן לקראת החתן או הכלה", 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה יצ,,ו מיום הועד נ,,ע [נידרענהיים], כא אייר תּקל,,ז'. ,,מענכר טוט זײַן אייגנה משפּחה...מיט דעם א'שׂטן בּילונן,,, עיון, כח/א. א, ו ו אָ ר ט = א) ניבּולפּה; בּ) לשון־הרע. ,,אויף איין מענש טוא קיין א, וו, רידין אַרויז", סto, פֿיורדא תּפ"ז. מיט די ווערבּן: ג י י ן, א ו מ ג י י ן, א ו י סג י י ן, ה אַ נ ד ל ע ן אאַ. ,,דר צילט...וויא אין [= אים] דער קוניג אובּיל הט אויז גיריכט", בּבֿא־בּוך, 210. ,,אונ, (מיתה) איז טײַטש דשׂ אים א, גיט דשׂ יאַר, ניט עבּין דשׂ ער וועט שטערבּן,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, לה/ב. ,,וועז מן אים...קיין געלט צו לון גאבּ, אַזו ליגט ער זיא [די חלומות] א, אויז", מבּ, מעשׂה כח. ,,מאג עז אין א, אויז גין", ספֿר משלים, פֿפֿדמ תּמ"ז. "גינן גאַר א, מיט אירי עלטרן

אום“, לט1, קנב/ב. „ווי איז אונדז וורמיישׂר
אַזו א, גשעהן„, 'איין נײַא קלאָג ליד פֿון
חורבּן ק“ק וורמיישא', אַמשט 1723 [פֿש III].
„האָט מן מיר גיזאגט ווי זיא א, גיהנדלט
האָט“, „שו„ת הרמ“א', 1646 [הש I]. [אַזוי
אויך בּיז אין 19. י„ה] „די צדיקים נייט עס
אויף דעם עולם צום ערשטן זייער א, און
דערנאָך גייט עס זיי וואויל„, צור, תּולדות.
2. עקלדיק, דערווידערדיק. זייער פּריקרע.
מיגלדיק. וואָס רופֿט אַרויס אַ געפֿיל פֿון (ווי
צו) בּרעכן. איבּעלער טעם, ריח. איבּעלע
נאָכרייד. פֿילן א'. ס'איז אים א, געוואָרן. א,
אַזש צום בּרעכן. ס'איז א, אויפֿן האַרצן. “
בּענציע איז איר פּריקרע, א, ווערט איר אַ קוק
טאָן אויף אים„, ממוס, ווינטשפֿ.
איבּל — דער, ־ען. 1. שלעכטס, בּייז.
אומווערדיקייט, אומגליק, גרויסער חסרון. די
סאָצ אַלע א'ען. די א'ען פֿון דער
געזעלשאַפֿטלעי
כער אָרדענונג. „ערקלער זיי די סיבּה פֿון
שרעקלעכן א', און מעג די פֿאַרדאָרבּנקייט
האָבּן פֿאַראיבּל„, מר I, 'די אײַנשווערונג'.
„אַנטקעגן האָט זיך אויפֿגעשטעלט די גאַס
מיט רויש, מיט א, און גראַנגל“, פּמ, דעס

בעל־גופֿס טויט. אויך אַרכ. פֿאַראַן אויך: א'־
האַבֿיט be1habieht ו: ־ < [= א'־
שפּאַרבֿע]. „דר נאָך גיט ער אין הורין הײַזר, לסוף ער ווערט איין גרושׂר א, האַבֿיט„, ספֿר מעIה ה', אַמשט 1723, יח/ד.

2. איבֿלדיקייט, דאָס זײַן איבֿלדיק. געפֿיל נאָענט צו חלשות, ← דפֿוו. בֿ2. אַן א, האָט אַרומגעכאַפּט. „דער א, שטעקט מיר אין האַלדז,

איבֿלען

לאָמיך וואָס גיכער אַרויס פֿונדאַנען“, רייד.
„אַ שאַרפֿער ריח פֿון מעדיצינען און א, איז געשטאַנען אין דער שווערער לופֿט“, ייִז, משפּחה קאַדנאָווסקי.
איבֿל — ווי אַ קאָנווערבֿ אין אַרכ & דטשמ.

1. א, געפֿעלן — זייער שטאַרק ניט געפֿעלן. זײַן שלעכט אין די אויגן. „עשׂ גרימט צו שאול זער אונ, עשׂ איבֿל גיפֿיל אין זײַני אויגן [וירע בעיניו]“, סהמ, שמואל א, יח, 8.
אויך מ פֿאַרטײַטשט ,כי רעות...בעיני, (בראשית, כח, 8): „א, גיפֿאַלן„. „העסלעכע זאַכן וואָס איין רעכטפֿאַרטיקן מענטש א, געפֿאַלט„,

ר, משה בר, אליהו, מלאכי קודש, וואַרשע
1839. ,,די ווערק פֿון דעם נאַר איז אים א,
געפֿעלן,,, חה, א, נח. ,,עס איז זייער א,
געפֿעלן די זאַך אין די אויגן פֿון אַבֿרהם,,,
מחזור של ר,,ה, פּפֿדמ 1885. 2. א, נעמען.
,,נעמט ניט א', איך וועל זיך...נעמען צו דער
אַרבעט,,, [אמד7], יוסף דער יתום, ווילנע
1865. ,,מע קען זיי אמת ניט א, נעמען פֿאַר
דעם פֿעלער,,, ממום, שלמה.
איבלבוים — דער, ־ביימער. אַזוי פֿאַרטײַטשט
משי II, 88, 'שקמה', 'שקמים, פֿון תנך.
געוויינלעכער טײַטש: ווילדער פֿײַגנבוים [←. תּי,
מלכים א, י, 27; עמוס, ז, 14; תּהלים, עח, 7□].
□eomorus נ□s □us (□)].
איבלדיק — אַדי. עקלדיק אאַזוו ← איבל,
אַדי, ב2 — די געוויינלעכע פֿאָרעם אין ייִדיש
פֿון 20. י״ה. א'ער טעם, ריח. ,,א'ע
געזאַלצנקייט“, חג. ,,זיסע מיטינגען האָבן דעם חסרון
וואָס זיי זײַנען א',,, ב. שעפֿנער, פֿאָר,
7 □ 1962 II. ־יקייט.
איבלטאַט — די, ־ן. אַרכ. ← איבל, אַדי, ב1.
← איבל, דער, ב1. ,,דאז האָט צו דיזר א,
פֿר פֿירט,,, מכירת יו□ף, 1713 [אַווע III]. ,,עשׂ

קען אויש דעם וואָרט תּלוי קיין און עהר
[= אומע□] אודר איבּל טאַט גיצוגין ווערדן",
אליעזר זוסמאַן רודלסום, יודשער טרייאק,
אַמשט 1737. „זײַני שאַלקירייא אונ, א, וואָס
ער פֿ□ שטיפּט„, '...געשיכטע פֿאָן איילען
שפּיגל, [אַווע III]. אויך: איבּלטעטער —
שלעכטס־טוער. „פֿר צייאונג דעם איבּל
טעטיר„, ספֿך מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ„ט.

איבּלען — איבּל(ט), געאיבּלט. M□□:□.e1en□.

1. אַרכ. אוטוו. טאָן שלעכטס, זינדיקן. טוו
פֿאַר הרע. „זיא האבּן גיאיבּלט מער ווען איר
עלטרן„, טח, ויקרא, הפּטורה. „בּלעם...האָט
געאיבּלט אונ, האָט צו בּלק בּיזי עצות גגעבּן",
סה□ו, משלי, יג, 17. „לויפֿן רעות צו טאָן
לישׂראל, צו איבּלן", נצ1, ח/ג. „וואָרום האָסטו
געטאָן א, צו ישׂראל", צור, שמות. אויך רעפֿל.
„...ווערן מיר זיך זעלבּרט איבּלן", מהמ, אַמשט
1722, רכו/ב. אויך ־ער — „בּצווינג אַלי
מײַני איבּלר", עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט
תּק„ח.

2. אומפּ, אויך דריטפּערזאָניק. שפּירן, פֿילן
אַז עס איז איבּלדיק. עס איבּלט מ י ך בּיז
צו חלשות. עס איבּלט פֿון דעם חלשותדיקן

טעם. עס איבלט פֿון דעם געשטאַנק. „אים
איבלט דער ריח פֿון מקווה און באָד־
בעזעמלעך„, ייִז, יאַשע קאַלב. „מיך איבלט פֿון

איבלקייט

דאַרפֿן נאָך טראַכטן אַז איך בין געווען אַזאַ
מלאך ווי איר„, הל, 'די קייטן פֿון משיח'.
־עניש — „— די לעצטע פּאָר וואָכן פֿילט
זי אַן א, אונטערן לעפֿעלע“, א. שעכטמאַן, סאָוו,
היימלאַנד, 3 1962, No.
איבלקייט — די (דאָס), ־ן. שפּירונג, געפֿיל,
איבערלעבונג פֿון איבלדיקייט. עס נעמט אַרום
אַן א'. „ווען די אשה פֿילט שוואַכקייט,
מידיקייט...אַנגסט, א'...די אַלע צייכנס קאָנען דינען
אָפֿט צו דעם טראָגן (שוואַנגערשאַפֿט)“, מלכּה
בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836.
איבלשטאַנד — דער, ־ן. אַרכ. שלעכטער
מצבֿ, שווערער מעמד. מ□t פֿאַרטײַטשט 'ויראו
...ברע, (שמות, ה, 19): „אין איבל שטאַנד“
[תּי: „אין אַן אומגליק□]. „גדענק פּײַן און,
קלאָג פֿון מײַן איבל שטאַנד“, בּרכת המזון,
אַמשט 1723, כ/א.

איבּן — טרוו. איבּ, געאיבּט. ben□ו: □־.
דטשמ. 1. צוגעוואוינען, אײַנלערנען, טרענירן, אײַנטרעסירן. א, די לינקע האַנט צו טאָן עפּעס דווקא מיט איר. א, אַלץ אַ העכערן שפּרונג.
2. אַרכ. אויסנוצן. ווירקן, דריקן. „איין קלוגר רשע דער איבּט לײַט אונ וועלט אונ נאַרט איטליכן אויש דען לעצטן העלד געלט“, עיון, לד/א.

געוויינטלעך מיט ז י ך — 1. אַרכ. דטשט, אָפּט געניצט. אײַנ(גע)ניטן זיך. אײַנלערנען זיך, פּראַקטיקירן (זיך), טרענירן זיך, אײַנטרעסירן זיך. ← איבּונג. א, זיך מיט גימנאַסטישע מכשירים. א, זיך פֿאַר אַ ספּאָרט־שפּיל. א, זיך אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. א, זיך אַרויסצוטרעטן פֿאַר אַן עולם. א, זיך אין שיסן אין ציל. “...זא לאַנג מן זיך מיט דעו שפּילן טוט א'“, 'איין שין נייא קוריעס שפּיל ליד,, אָפֿנבּאַך תּע,,ט. „[ער] האָט...שטענדיק זיך געאיבּט אין גראַמען,,, אַר, 'דער בּדחן'. „דער אַטלעט איבּט זיך אין וואַרפֿן אַ דיסק אויף אַ בּאַשטימטער דיסטאַנץ“, רייד. 2. אַרכ. זיך פֿאַרמעסטן אין אַ וויכּוח. „דר נאָך האבּן זיא זיך גיאיבּט אונ, גיצנקט מיט אַנדר,,, 'שו“ת מהרש“ל', לובּלין 1599.

א(י)בן — ← אבן.

איבסעניזם — דער. שיטה, סכום סאָציאַלע פּראָבלעמען אָדער אייגנאַרטיקע דראַמאַטישע קאָנסטרוקציע און טעכניק פֿון גרויסן נאָרוועגישן דראַמאַטורג איבסען (1828־1906). דער א, און זײַן קאַמף קעגן סאָציאַלער צבֿיעות.

־ניסט. ־ניש — אַדי. „'אין פֿײַער, און 'דער שטומער, זײַנען פּרווון פֿון א'ע דראַמעס„, ימ, נײַע וועגן, ריגע 1927.

איבעיא להו — [איבאָ'יע לייהו] זאַץ. תּח. < ביצה, כא/ב; פּסחים, פֿט/ב אאַ. 'מע האָט זיי געפֿרעגט'. באַשטענדיקער אויסדרוק בײַם לערנען גמרא: „האָבן די ישיבֿה־לײַט געפֿרעגט אַן אבעיא“ (←).

איבעית אימא — [איבאָאיס איימע] זאַץ. תּח. < ברכות, ג/א אאַ. 'אויב דו ווילסט, וועל איך דיר זאָגן'. באַשטענדיקער אופֿן פֿון אויסדריקן זיך בײַם לערנען גמרא: „אויב (אַז) דו ווילסט, וועל (קען) איך דיר אַזאַ

(אַן אַנדער) תּירוץ געבן (ענטפֿערן)“. [אויב בײַ אַן ענין, אַ סוגיא, זײַנען פֿאַראַן צוויי תּירוצים

צו איין קשיא אָדער צוויי סתּירותדיקע סבֿרות, הייבט זיך דער צווייטער תּירוץ (אָדער סבֿרא) אָן מיט א, א'. אַזאַ אַרײַנפֿיר ווײַזט אַז דאָס ערשטע איז ווערטיקער. ווען אָבער עס טרעפֿט זיך א, א'... וא, א', זײַנען ביידע מיינונגען גלײַכווערטיק. „א, א, אַז דער וואָס שטייט אויף דער ערד זאָגט: עס טאָגט שוין, וא, א, אַז דער וואָס שטייט אויפֿן דאַך זאָגט: עס טאָגט שוין“, איבֿז, יומא, כח/א.

איבעקס — דער, ־ן. ווילדער באָק (ציג), מיט גרויסע געקרויזטע הערנער אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שווערד, שפּיציק פֿאַרבויגן. לעבט אויף הויכע בערג (אַלפּן, אַפּענינען) און נערט זיך מיט גראָזן, אַרויסגענישטערט פֿון אונטערן שניי. תּנכישער אַול; נאָך הײַנט אויף די כּרמל־בערג. קען ווערן פֿאַרשטוביקט. (a] ra (aegOee os) ibe).

איבער — פּרעפּ. באַנוץ באַווירקט פֿון גערמאַניש (M d: i er), סלאַוויש (a,)][,m(1;
אין לק — ע ל. איבער דעם = איבערן ←.
1. ווײַזט אויף אַ זאַך, פֿאַרבונדן מיט

אָ ר ט וואָס איז ה ע כ ע ר ווי אַן אַנדער זאַך
(אויך פֿאַרבונדן מיט אָרט). היפּוך פֿון אונטער.
אַ הויז א, דעם פֿונדאַמענט. אַ דאַך א, דעם
הויז. אַ בריקל א אַ טײַכל. אַ נאַרע א אַ

'

נאַרע. "מאַך מיר אַ קלאַדקע א'ן גריבעלע, איך
זאָל קענען אַרײַן אין מײַן שטיבעלע", קל.
„אַזוי גייט אויך אַלץ מער אַרײַן אין באַנוץ
דער אויסדרוק 'אַוועקשטעלן דאָס פּינטל אונטער
דער יוד אָדער א, דער שין'", זר, ייִפֿאַ, 1938,
No 2.
2. ווײַזט אויף אַ זאַך, אַ שטח, אַן אָרט,
וואָס העכער פֿון דעם איז אַ באַוועגונג, אַ
טואונג פֿליִען א, דער שטאָט. גיין הין און

.

צוריק א'ן דיל. אַריבערגיין א, אַ בריק.
אַרומפֿאָרן א, דער גאַנצער (גרויסער, ברייטער)
וועלט. פֿאָרן א, אַלע שבֿעה ימים. וואַנדערן א,
דער לענג און דער ברייט פֿון לאַנד. שפּאַצירן
א, די אַלייען פֿון פּאַרק. זיך שיפֿלען א, דער
אָזערע. שפּרינגען א, אַ קלאָץ. זיך איבערבייגן
א'ן טיש. (אַריבער)טרעטן א, אַ שוועל. פֿאַלן
א אַ שטיין. „אַ וואַרעמע זון גייט אום א,

'

דײַן לאַנד“. „ווי קומט אַ קאַץ א'ן וואַסער?“,
פּרש. „איז געפֿלויגן די גאָלדענע פּאַווע א,
אַלע פֿעלדער“ פּל. “האָפּ, האָפּ, האָפּ פֿערדל

,

פֿלי גאַלאָפּ, א, בערג און א, טאָלן“, קל. „א,
אַ נידעריקן צום שפּרינגען אַלע ציגן (שפּרינגט
מען באַלד אַריבער)“, שוו. “וואשׂ זאָל נוא טאָן
דער ארומיר טראָפּ? ער מוז לויפֿן איבר שטיין,
איבר האַלז, איבר קאָפּ“, ר, יהודה ליב בר
משה זעליחא ר, שירי יהודה, אַמשמ 97 1.
„דורכפֿאָרער דרייען זיך אַרום א, דער
פּלאַטפֿאָרמע“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „נישט זי
גייט אין שניי, זי שוועבט א'ן שניי„, פּרץ,
'שׂרה בת־טובֿים'. „ווען מן וואונט אונטר דען
גויים, דאשׂ מן ניט קאַן גין מיט (טלית) אונ,

איבער

(תּפֿילין) איבר דער גאַס„, עפּש, סידור תּפֿילות,
אַמשט תּק“ח. אויך פֿיג. פֿאַלן א, אַ שטרויכלונג
(← ב1 1). *קריכן א, די קעשענעס = זוכן
(געלט) אין די קעשענעס. „ווער איז אַ גאָט
ווי דו וואָס פֿאַרטראָגט זינד און טרעט א,
שולד“, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881.

אויך ווען אַנשטאָט אַ זאַך איז אַ פּערזאָן (וואָס

פֿאַרנעמט דאָך אַ באַשטימט אָרט). „דא שפּראנגן זיא איבּר אין...אונ, זיא שלוגן א'ן“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „ר, משה־יצחק אין בעטל א, אים האָט זיך איבּערגעוועקט“, בּ. דעמבּלין, צאַנקענדיקע ליכט. „א, דיר פֿון גרובּ, ווי שטערן, בּלימלעך וועלן בּליִען בּלויז“, יוסף הלל לעווי.

3. ווײַזט אויף אַן אָרט וואָס איז אַ ק ע ג ן, אויף אַ צווייטער זײַט. וואוינען דאָ גלײַך א'ן וועג. זיך אַריבּערגנבֿענען א, ד ע ר גרענעץ. „האָבּן זיי זיך אײַנגעפּאַקט און זענען אַוועק א, דעם גרענעץ“, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. „גלעד איז גיוועזן איין שטאַט איבּר דעם ירדן“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, כב, 1, פּראָג 1602. „עז איז גלײַך עז ווען עז לעג איבּר דען סמבּטיון“, פּראָגבּ, 20. „בּכן ווערלכער זיך אונטר שטיהן ווערט זײַן כּפּרה איבּר דיא גאַס צו שיקן שחטן צו לאזין...“, 'פּנקס אה“ו', תּפּ„ה [ייִבּל XXXIII].

4. ווײַזט אויף אַ שטח וואו עפּעס שפּרייט זיך אויס. ס'איז שבּת א, דער גאַנצער וועלט.

ווייגעשרייען א, אַלע גאַסן. באַרימט ווערן א, דער לענג און א, דער ברייט פֿון לאַנד. „דער 'העלפֿט!, האָט זיך צעטראָגן א'ן מאַרקפּלאַץ“, רייד. דער גמרא־ניגון קלינגט א'ן בית־מדרש. „ווי קענען מיר פֿאַרגעסן...דער מאַמעס שלאָפֿליד א, אונדזער וויג?„, חג, פֿאַרוואַקסענע וועגן.
*גיין א, די הײַזער = פֿון הויז צו הויז, בעטלענדיק. אַזוי אויך: גיין א, דער מדינה. פֿאַראַלעל: „מיט אַ פֿאַיעטאָנדל אַ שיינס אַרומצופֿאָרן א, די קראַנקע„, שע, אין שטורעס.

5. ווײַזט אויפֿן אויסגעברייטערטן באַטײַט פֿון אָרט. קומט פֿאַר אַ גליד פֿון קערפּער, וואָס עס ווערט עפּעס געטאָן לענג־אויס, אַרום, אין אָדער אויף אים. אַזוי אויך בנוגע אַ מלבוש, אַ שטאָף, אַן אינסטרומענט אאַזוו. אַ גלעט א'ן בעקל. אַ קאָמפּרעס א'ן קאָפּ. אַ זעץ א, דער מאָרדע. אַ שמיר א, די ליפּן מיט אַ רויטער קאָלירקע. דערלאַנגען עמעצן אַ שמיר א, דער נאָז, עס זאָל רינען בלוט. אַריבערציִען ס'היטל א, די אויגן. שמײַסן א'ן הינטן. עס גייט דדרך אַ סקרוך א'ן לײַב. וואַסער ביז א'ן האַלדז. בראָדזשען א, די קני אין בלאָטע. „אַז מען עסט שוין חזיר, זאָל רינען א, דער מאָרדע (א'ן מויל)“, שוו. שמאַלץ רינט א'ן פּיסק. ווערן

רויט א, די אויערן. *איך וויל עס א, מײַן מויל (די ליפּן) ניט בּרענגען = ניט אַרויסזאָגן (ווײַל: ס'איז מיאוס, ס'קען שאַטן, ס'רעדט זיך ווען אַן אומגליק). "מע טאָר זײַן פאַרשאָלטענעם נאָמען א'ן מויל ניט בּרענגען,,, רייד. ,,אַ הייסער שטראָם לויפּט מיר ווי מוראַשקעס א, מײַנע גלידער,,, ממוס, קליאַטשע. ,,ס'האָט מיך אַנגסטן א'ן גאַנצן לײַבּ בּאַשלאָגן", חיים מאַלאַגאַ, פּב [ייִבל 7 ,XIII־8]. ,,אַ קעלט איז זיי א'ן ל ײַ בּ אַריבּער בּײַ דעם געדאַנק,,,

איבּער

י. בּודזאָהן, דער מקח טעות, ווילנע 1927. ,,דער ווינט האָט געוואָרפֿן א, אירע פּלייצעס אירע ווײַסע לײַנענע האָר,,, מ. ריבֿקין, וועליזשער בּלוט־בּלבּול, ווילנע 1914. ,,קרעכצן די וואוילקענעוודיקע ווײַבּלעך און טוען זיך בּשעתמעשׂה אַ שמיר א'ן מויל — מ'זאָל נישט האָבּן געזינדיקט מיט די רייד, רחמנא לצלן,,, י. זיפּער, היימיש, אייר תּשי"ט. אַ ריס א, דעם גאַנצן זאָק פֿלעקן א, דער קאַפּאָטע. ,,אין

—
.

עטליכן קהלות גיט [= גייט] ער [דער חתן]

מיט איינם לאַנגן מאַנטיל אויבּר דיא שבּת קליידר, גלײַך אַז איין אָבֿל'', מנהגים...דורך דאז גאַנץ יאַר, וינידיג ש,,ן [װענעציע 1590].
צעשיטן זאַלץ א, דעם גאַנצן טעלער. קלאַפּן א'ן פּײַקל. צעגיסן װײַן א, אַ װײַסן טישטעך. אויך פֿיג. אַ בּ ע ל ־ ח ו בֿ א'ן קאָפּ, א, די אויערן, א, די האָר. פֿאַרליבּט א, די אויערן. *שלאָגן א, דער קעשענע = בּרענגען שאָדן, מאַכן מע זאָל אָנװערן געלט, פֿאַרקאָנקורירן, אַרויפֿלייגן אַ געלטשטראָף אע. ,,די הילף פֿון (הש"י) איז איבּר אַלש'', ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר רפֿואות,

.

תע"ז.

6. קומט נאָך װערבּן װאָס בּאַצייכענען אַ מ צ בֿ, װי: זײַן, שטיין, זיצן, ליגן אע. (עס איז אַ ספּעציעלער אופֿן, אויבּ דער געװיינלעכער א, װערט בּאַצייכנט מיט אַן אַנדער פּרעפּ, געװיינלעך — א ו י ף). ליגן א, דער קאַנאַפּע, א'ן בּענקל (דה איבּער דער בּרייט). זיצן א, בּיכער = זיי לערנען. ,,װאָס שטייסטו א, מיר (אויך: א, מײַן קאָפּ)? זעץ זיך'', רייד. ,,איין (דיין) דר דא ז י צ ט איבּר דען (דין)'', סהמ, משלי, טז, 10. ,,איינר דער איבּר מדרשים און, גמרות זיצט'', אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית

י▯ראל ובית הבחירה, אַמשט 1724. „מיר זאָלן
זוכה זײַן אורחים א, אונדזער טיש צו האַלטן
...זאָלן ניט ברויכן א, פֿרעמדע טישן צו קומען„,
תּחנות ובקשות, דיהרנפֿורט 1798. „מיר זענען
אַמאָל אויסגעזעסן א, איר [ווען זי איז קראַנק
געווען] גאַנצע נעכט‟, שע, טבֿיה. „זי...איז
אַוועקגעפֿאָרן מיט אים און איך בין געבליבן
איינער אַליין א, דער גאַנצער שטוב„, שע,
'גימענאַזיע'. „געזעסן אין קלײַזל א, אַ גמרא
און האָט זיך זייער שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין אַ
שטיקל מהרש„א‟, חײַקל ממזר־קאָפּ,
באַרדיטשעוו תּרס‟ט. „ער פֿלעגט איבערליגן נעכט
א, הייליקע ספֿרים און לערנען‟, ה. אַקערמאַן,
טמז, IX 1965 5. „די (סנהדרין) האבן גמוזט
איבר (דיני נפֿשות) זיצן צווייא טאָג אונ איין
נאַכט‟, ספֿר חסידים, תּק„ז?, סימן קנה. „אַזוי
וועט שוין איבערלייגונג ו ו אַ כ ן א, דיר‟,
מס, משלי תּקע‟ד, ב, 11. „אַן אָרעמאַן ו ו י י נ ט
א, אים אַז ער זאָל נאָר נעמען צען קערבלעך‟,
ייִל [דאָס בילד: דער באַאַמטער זיצט, דער
אָרעמאַן שטייט א, אים]. „איך פֿיבער א,
יעטוועדן אות, איך פּרוּוו זײַן געשטים און
געלײַטער‟, א. ש ומיאַטשער, לידער. „ציטערן א'ן
געלט ווי א, אַ בן־יחיד‟, פֿוול. זיצן א, אַ

שיסל (מיט) לעבערלעך און פּופּיקלעך.
7. האָט אַ כּ מ ו ת־בּ, קומט אַנשטאָט מ ע ר ו ו י (העכער ווי). פֿאַרמאָגן א, אַ מיליאָן. באַצאָלן א אַ צענערל פֿאַרדינען א, הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. „ספֿרים איבּר אום ד, מאות“,

8'

פּראַגבּ, 50. „איבּר דען יודן גאָט איז קיינר מער פֿאַר ה[אַ]נדין,„ יעקבֿ טויסק, איין שוין נייא ליד פֿון משיח, אַמשט 1666. לויפֿן א, אַ מײַל. א, צוויי וויאָרסט צום שטעטל. קויפֿן א אַ פּוד מצות אויף פּסח. „די ציג גיט א, דרײַ גלעזער מילך אַ טאָג,„ רייד. זיצן אויף איין אָרט א, אַ שעה. א, אַ יאָר וואַרטן אויף דעם חתן. ווינטשוואַניעס: איר זאָלט מיר לעבּן א, הונדערט יאָר; א, הונדערט און צוואַנציק יאָר — אין גן־עדן. „א, הונדערט יאָר וועט זיך מאַכן אַן עסק מיט דער קבֿורה“, פּרץ, 'דער יאַרצעווער רבֿ'. האָרעווען א, די כּוחות. „דער שׂונא האָט פֿאַרכאַפּט א, אַ

האַלבע מדינה“. „גוטסקייט א, דער מאָס טויג אויו ניט„, שוו. „חן גייט א, שיין“, שוו. „א, די אויגן זעט ער ניט„, פֿוול = איר, ער זעט ניט עפּעס העכערס. *ס'איז א, אַ ל ע פֿ ל = עס רינט אַריבער (געניצט וועגן שמוץ, בלאָטע). „מיך האָט געטראָפֿן אַ נײַער שלאַק... וואָס גייט א, אַלע צרות וואָס איך האָב איבערגעהאַט ביז אַהער“, שע, טבֿיה. *ס'איז מיר א, דער ט בֿ ע = עס איז מיר פּריקרע, איך קען עס ניט סובֿל זײַן, ניט פֿאַרטראָגן. “עס איז מיר אַ ביסל א, דער נ אַ ט ו ר וואָס איך דערצייל דיר דעם גאַנצן גרונט...“, יהודא חאַזאַנאָוויטש, קורץ און שאַרף, קעשענעוו 1888.
*ס'איז א, דעם מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד (שׂכ󠄀] = אַ מענטש קען עס ניט באַנעמען, תּופֿס זײַן. *ר ע ד ן איינס א, דאָס אַנדערע = א) שפּרינגען פֿון איין ענין צום צווייטן (פֿרגל ב18); ב) איינער העכער, איבערשרײַענדיק דעם אַנדערן. *ס'קאָסט א, דער קעשענע = מער וויפֿל מע קען אויסגעבן. „...טעאַטער און קאָנצערט זאָל קאָסטן א, ד, ק, פֿון אַפֿילו דעם מיטלשטאַנד„, טמז, 14 󠄀 1965 II. אויך מיטן ב: ב ע ס ע ר ו ו י. „א, ווילנער [אַזוי אויך וועגן אַנדערע מקומות] יום־טובֿים און שבתים

איז טאַקע ניטאָ„ פֿוול בײַם לויבן די אייגענע
,
שטאָט. אַ חכם א, חכמים.
8. ווײַזט אויף אַ ראַנג, אַ סאָציאַלן שטאַפּל. ווײַזט אויף ווען מע האָט מאַכט, מע רעגירט, מע הערשט אע. א, אייגענע ברידער אַ שׂררה. דער מלך א, אַלע מלכים. הערשן א'ן גאַנצן לאַנד. איין פּאַן א אַזוי פֿיל פּויערן.
,
קאָמאַנדעווען א'ן מאַן. אַ ממונה א, אוצרות. שאַפֿן א, עמעצנס האָב. זיך שטאַרקן א, עמעצן.
*ניט האָבן קיינעם א, זיך = א) פֿאַרנעמען דעם העכסטן אַמט אין אַן אינסטיטוציע; ב) זײַן זעלבשטענדיק. „אַ מענטש דאַרף א, זיך קיין ערגערס ניט האָבן ווי אַ מענטש“, שוו. „בעסער זײַן אונטער קלוגע אונטערטעניק איידער א, נאַראָנים אַ קעניג“, שוו. „די מלמדים האָבן ניט קיין שליטה א, די חדר־ייִנגלעך“, רייד. „איצטיקע צײַטן האַט אַ טאַטע מער קיין דעה ניט א, אונטערגעוואַקסענע קינדער“, רייד. „דער דא זעלט טון (ידו) זײַן מכט (על שנינו) איבר אונשׂ צווייא“, סהמ, איובֿ, ט, 33. „איך האב מוזן [קומען] פֿון בבֿל איבר איַיך נשׂיא צו זײַן“, מהמ, אַמשט 1722. *דער וואָס

איז א, אונדז = דער רבונו־של־עולם.

9. אַזוי אויך מיט אַן אויסגעבּרייטערטן בּ, וואו ס'איז דאָ דער מאָמענט פֿון מאַכט. האָבּן

איבּער

אַ קאָנטראָל א, עמעצן. אַ גזירה א, ייִדן. „דר נייאט ער נײַאי בּיזי גזרות איבּר ישׂראל„, טח, שמות, א, 8. „זאָל ער אויפֿזעצן אויפֿזעער א'ן לאַנד“, תּי, בּראשית, מא, 39. „מיר וועלן זען וואָס ס'האָט דער נעכטיקער ווינט אָנגעמאַכט אין גאָרטן א, די בּלומען“, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. „עס גייט אַ רעוויזיע א, מלמדים„, י. בּודזאַהן, אַגעטראייע ווײַבּיל חלעבּין, ווילנע 1892.

1O. קומט נאָך די ווערבּן: בּ ע נ ט ש ן, אַ בּ ר כ ה מאַכן. מאַכן די בּרכה 'שהכּל, א, וואַסער. בּענטשן א, די בּענטשליכט. „דער אתרוג קאָסט דאָס גאַנצע געלט און א, דעם לולבֿ מאַכט מען די בּרכה„, שוו. „א אַן אָנ,

געהויבּענער חלה איז ניט גוט קיין המוציא צו מאַכן„ [= עס טויג ניט חתונה צו האָבּן מיט אַ גרושה, אַן אַלמנה], שוו. *א, אים (איר)

איז שהחיינו צו מאַכן = ער (זי) איז זייער
שיין (קלוג, געזונט). *עס איז א, אים (איר)
אַ בּרכה צו מאַכן = א) ווי פֿריִער; בּ) האָט
מזל. „מאַך...קידוש איבּער דען וויַין“, 'בּנימינס
שבּת־ליד„ בּאַלו נאָך של„ד [ייִבֿל XIII, 1].
11. וויַזט אויף דער ס י בּ ה פֿון אַ
געשעעניש, אַ טואונג, אַ סיטואַציע. מ ח מ ת.
ניט קענען הערן א'ן טומל אין זאַל. אַ גערייד
א, אַ קלייניקייט. פֿאַלן א, אַ פּיסל וואָס מע
שטעלט אונטער (פֿרגל, בּ2). פֿאַלן א, אַ ציצה.
פֿאַלן א אַ שטרוי, א, אַן איבּערגעבּרענטן שטרוי
,
[= א, אַ נישטיקער סיבּה]. „דער בּליַיענער
פֿויגל וואָס פֿאַלט א, אַ ציצה אין אַ
בּאַנאַנעשאָלעכץ“, בּ. רעסלער, טמז, 26 III 1961.
„א אַן איי איז אַ גאַנצע שטאָט חרובֿ געוואָרן“,
,
שוו. „הינט בּיַיסן זיך א, אַ בּיין און אַבֿלים
א אַ ירושה„, שוו. „א אַ הון און אַ האָן איז
, ,
דער בּית־המקדש חרובֿ געוואָרן“, שוו. „א, אַ
קליין שריַיפֿעלע ווערט קאַליע אַ גרויסע
מאַשין„, רייד. “נאָר א, אים שטראָפֿט גאָט דעם
וואַלד“, ר, מרדכילע, משלים. “דו וועסט זינדיקן,

מחשמוניצע, און איך זאָל א, דיר האָבן אַ שוואַרצע חתימה„. ע. בלאָשטיין, אַ קלאַפּ אין הויקער, ווילנע 1896. „...אונטערגעשלאָגענע אויגן פֿון וויינען א, איר זון און טאָכטער“, חג, טמז, 29 XI 1963. „ער און זײַנע ברידער האָבן אַלץ געמוזט שטיין אונטער געווער א, די מורדים“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817. „לאַכט ווי א, נויט“, שע, 'שיר השירים'. „די רשעים פֿאַלן אַראָפּ א, די אויגן“ [ווײַל די אויגן פֿאַרפֿירן זי], איבז, תּנחומא, וישלח, וואַרשע תּרמ"ו. „שמשון הגיבור — א, זײַן מויל [= ווײַל ער האָט גערעדט] איז ער אומגעקומען„. ספֿר חסידים, תּק"ז. „איבר דער מכּה [= דעם גרויסן אומגליק, קלאַפּ]... פֿינף הונדרט קינדר צו גפֿינן אין ברונן„. 'קינות אויף כמעלניצקיס גזירות', [מוו, בילדער פֿון דער ייִד, ליט'-געשיכטע].

12. ווײַזט אויף דער כּ ו ו נ ה, דעם ציל. צ ו ל י בּ. [אין דער ריידשפּראַך פֿירט מען אָפֿט ניט דורך קיין גענוג שטרענגע גרענעץ, מע מאַכט ניט קיין גענוג בולטן אונטערשייד צווישן ציל און סיבּה.] טאָן עפּעס א, עמעצן = א) עמעצער איז די סיבּה פֿאַרן טאָן; ב) עמעצנס נוצן איז די כּוונה פֿאַרן טאָן. כּדי אויסצומײַדן

אומקלאָרקייט — בּ12 נר. ,,א, [= צולי‎] אַ צוויקל זאָל מען קיין העמד ניט קאַליע מאַכן,,, שוו. ,,א, אים וויל זי קיין אַנדערן שידוך ניט", נחבּ, 'מעשׂה מבּערגיר והעני'. ,,א, דאָס פֿייגעלע מאַד צו דײַן אייגעלע און שלאָף דיר,,, עט, לידער. ,,דער מענטש [וואָס האָט געשפּאָרט געלט] האָט אַ טענה צו דעם געלט: סטײַטש, איך האָבּ דאָך א, דיר ניט געגעסן און ניט געטרונקען", זלמן בּעך וואלפֿטרובּ, דער הספּד ‎ויף די אַדעסער קרבּנות, אַדעס 1906.

13. קומט אַנשטאָט בּ מ ש ך פֿ ו ן מיט אַ צײַטבּאַטײַט. [פֿרגל בּ7]. ,,א, דער גאַנצער שעה האָט ער ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט,,, רייד. ניט האָבּן עפּעס אין מויל א, דער גאַנצער צײַט. עס וועט קלעקן א, דער וואָך. ,,בּדן און קעסט געדויערן א, די פֿרעסט,,, שוו. ,,א, דעם וועג האָבּ איך גענוג געלעגנהייט געהאַט אים נאָך בּעסער צו דערקענען", קמ, 48 1866, No. ,,קערנער וואָס מע גיט עסן אַ בּהמה טאָר מען ניט אײַנווייקן אום פֿרײַטאָג אַז זיי זאָלן ווייקן א, שבּת,,, איבּז, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818.

„איך װעל אײַך אַ...צימער אָפּגעבן און איר קענט זיך דאָרט אױסרוען א, שבת“, ל.
יאַסעלאָװיץ, ר, עזריאל..., װילנע 1892. „טײל לומדים זענען זיך מפַלפּל אין שול א'ן דאַװנען און זענען מבַלבּל דעם חזן“, אורחות צדיקים, װאַרשע 1844. „די עשׂן ניט טאַדלען א, דעם טיש„ [= אין דער צײַט פֿון עסן], בּראַנט, פּרק מד.

14. פֿיג. װײַזט אויף דעם װאָס איז העכער (װערטיקער) סאָציאַל אָדער מאָראַליש (פֿרגל בּ8). „העכער א, אַלע דעכער„, פֿוול, איר. א, דעם סטאַנדאַרד פֿון אָרנטלעכקײט. „מן זאָל אַל צײַט אונטר זיך זעהן אונ, ניט איבּר זיך. דאשׂ מײנט מן זאָל זעהן אויף דיא לײַט דיא װיניגר האבּן אונ, ניט אויף דיא לײַט דיא מער האבּן„, בּראַנט. הײבּן זיך א, אַלע חבֿרים. „א, אַלײן איז ניטאָ„, שװ. „מע װיל נישט קוקן הינטער זיך, נאָר א, זיו“, ר, יצחק האַמבּורגעך איבּז, □יח יצחק, קראָקע 1882. „די חכמי־מוסר שרײַבּן...[אַז בּנוגע] תּורה און מעשׂים טובֿים...זאָל אַ מענטש...זען א, זיך, נעמלעך ער זאָל מקנא זײַן דעם צדיק„, ר, הילל ליכטנשטײן, עת לע□ות II, סאַטמאַר תרפּ„ה. „איבּער דער רעליגיאָן זענען פֿאַראַן װעלטן,

אָבער אונטער איר — פֿי־ און פֿערד־שטאַלן„,
פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „איז אָבער פֿאָלק
העכער א, טעריטאָריע־פּראָבלעמען„, מ.
שטריגלער.

15. קומט מיט אַן אָ ב י ע ק ט און
פֿאַרבײַט די פּרעפּ פֿ ו ן, ו ו ע ג ן. טרעפֿט זיך
נאָך די ווערבן: ריידן, זאָגן, שרײַבן, קלערן,
טראַכטן, זאָרגן אאַ. שרײַבן א, פֿאַרשיידענע
ענינים. זיך מפֿלפּל זײַן א אַ קוצו־של־יוד. זיך

,

לוסטיק מאַכן, זיך איזדיעקעווען א, שוטה בן
פּיקהאָלץ. טראַכטן א, די קינדערס דערציאונג.
זיך זאָרגן א, עמעצן (פֿרגל ב1 1). "ער האָט
זיך מרחם געווען א, אָדם הראשון", מלרה,
יא/א. "איך האָב אַ מיאוסע טבֿע געקריגן: א,
וואָס איך זע — האָב איך ליב צו קלערן„,
פּרץ, 'דאָס שטרײַמל'. „א, ווען זיי שרײַבן
דאָס, די צײַטונגען!", אַש. "איך האָב זיך

נוג אָנגעהערט מעשׂיות א, זיי", ממוס,
קליאַטשע. „אַ מענטש טראַכט א, זײַנע חטאָים...און
ווערט אַ נכנע און טוט תּשובֿה", קיצור חובֿות

הלבָבות מיט עבָרי טײַטש, יוזעפָאָוו 1844.
,,מיר ווען רכילות איבּר אין טרײַבּן, עדות שקר איבּר אין זאָגן,,, מ. שערטילש, ספר ירמיה, פּראָג 1602, כ, 10.

16. אַנשטאָט אַנדערע פּרעפּאָזיציעס (דיאַלעקטיש) אָדער מיט אַ ספּעציעלן ניואַנס. רחמנות האָבּן א, [= אויף] עמעצן. ,,איז בּרוגז איבּר די רשעים די פר אים קומן מיט בּיזן ווערק,,, מבּ, מעשׂה ט. ,,דער ייִד דאַרף אַליין א, זיך אַרבּעטן, ער זאָל קומען צו יראת־שמים און עבָודת־ה'", ר, יחיאל־י קבָ קאָזשעניצער. ,,די עבָירה נעמען מיר ניט א, אונדז,,, ממוס, טאַקסע. ,,טשאַרלי האָט רחמנות געקריגן א, איר,,, אַש, אָנקל מאָזעס. עס פאַלט א, [= פון] די הענט. *עס פאַלט א, די הענט = מע לאָזט אַראָפּ די הענט, מע ווערט אָפּהענטיק. ,,און אַז עס גייט נישט אַזוי ווי מע וויל, לאָזט מען שוין גאַנץ פאַלן א, די הענט?", אַש, פּעטערבּורג. ,,ער האָט גערעדט [= צוגעטראַכט משלי] א, בּיימער...און ער האָט גערעדט א, בּהמות און א, פויגלען,,, תּי, מלכים א, ה, 13 ['על העצים'...'על הבּהמה ועל העוף].
,,ער האָט פאַרשטאַנען צו רעדן א, די

ביימער,,, ארז, קמ, l865, No l. ,,דעם ערשטן שבתהגדול האָט ער געהאַלטן גאָר אַ גרויסן דרש א, חמץ בפּסח,,, פּרץ, 'דער יאַרצעווער רבֿ'.
,,איך קאָן נישט אויפֿהייבן מײַנע הענט...א, דעם פֿאָטער פֿון מײַן קינד,,, ז פֿײַנמאַן, חנה'לע די
.
נעהערין, פּשעמישל 1909. ,,עבֿרי געקענט אַ חלאת, געזאָגט אַ גראַז א, אַ גראַז,, [= אַ גרײַז נאָך אַ גרײַז], א. ב. רוף, דער שיכּור...., וואַרשע 1871. פֿאָרן קיין ווילנע א, [= דורך] באַראַנאָוויטש. ,,ווי אַזוי פֿאָרט מען קיין ארץ־ישׂראל?...מן־הסתּם א, קאָנסטאַנטינאָפּאָל“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
17. שאַפֿט אַ מין סופּערלאַטיוו אָדער ווײַזט אויף געדויערדיקייט, ווען א, קומט צווישן צוויי אַלצאיינע סובסטאַנטיוון אָדער אַדיעקטיוון. אַרויסווײַזן בייזקייט א, בייזקייט. ,,עס איז געווען פֿריידן א, פֿריידן פֿאַר אַלע שמערצן, צרות און ליידן,,, מ. אַחון, סיפּור משני בעלי־תּשובֿה, ווילנע תּרנ“ו. ,,דערווײַל האָט זיך געמאַכט צרות א, צרות,,, פּרץ, 'פֿאַרציילטע מעשׂות'.
,,ער איז קראַנק א, קראַנק און בלײַבט גוט א, גוט,,, רייד.
18. געניצט בײַם אָנווײַזן אויף דורכלאָזן,

איבערהיפּן, איבערהיפּערן. לייענען איין זײַטל א אַ צווייטס. „אַ קרעכץ, אַ שמייכל און איין

,

וואָרט א'ן צענטן“, ש. בערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו 1884.

איבער — פּרעפֿיקס. < איבער, פּרעפּ (←.).

גרונטבאַטײַט — היפּוך פֿון אונטער (←).

א) קומט אין אַ ד ו ו ע ר ב ן: איבעראַיאָ'ר,

איבעראַכטאָ'ג, איבעראַכטאָ'גן איבעראַנאַ'נד, איבעראַנײַ'ס, איבערג(ע)וואַ'לד, איבערגענו'ג, איבערדע'ם, איבערהוי'פּט, איבערנאַ'כט אאַ.

ב) קומט אין אַ ד י ע ק ט י ו ו ן:

איבעראײַליק, איבערגליקלעך, איבערדריסיק ['דריסיק, איז

ניטאָ], איבערזאַט, איבערמענטשלעך,

איבערנאַאיבער

טירלעך, איבערסענסיטיוו, איבערערדיש אאַזוו;

איבערמאַכעריש, איבערציילעוודיק,

איבערקלייַבעריש, איבעררײַסיק, איבערשיטעוודיק אאָזוו.

ג) קומט אין פּ אַ ר ט י צ י פּ ן:

איבערגעאַרבעט, איבערגעבונדן, איבערגעגעבן,

איבערגעדרייט, איבערגעהייצט, איבערגעוואַקסן, איבערגעזײַערט אאַזוו.

ד) קומט אין ס ו ב ס ט אַ נ ט י װ ו ן װאָס שאַפֿן זיך פֿון װערבן מיטן ק אָ נ ו ו ע ר ב איבער: איבערבלײַב, איבערבלײַבונג, איבערבלײַבעכץ, איבערבלײַבעניש; איבערזעץ, איבערזעצונג, איבערזעצעניש, איבערזעצער; איבערלייג, איבערלייגונג, איבערלייגעכץ, איבערלייגעניש, איבערלייגער; איבערמאַכונג, איבערמאַכער, איבערמאַכערײַ אאַזוו.

ה) קומט אין ס ו ב ס ט אַ נ ט י ו ו ן צו מאָדיפֿיצירן זייער באַטײַט מיטן מיין פֿון פּרעפּ איבער: איבערביינדל, איבערבעט, איבערגאַנג, איבערוואָג, איבערמאָס, איבערמאָרגן, איבערמענטש, איבערפֿלוס, איבערשעה, איבערשפּיצל, איבערשריפֿט אאַ [←. די אַלע ווערטער. ניט פּלאָנטערן מיט אייבער־ ←].

ו) קומט אין אַ צאָל ווערבן־דײַטשמעריזמען [אין כלל־שפּראַך ווערט רעקאָמענדירט פֿון פּרעפֿיקס מאַכן אַ קאָנוועבר, בײַטנדיק דעם אַקצענט]: איבערזע'צן, איבערטרײַ'בן, איבערטרע'פֿן [= איבערשטײַגן], איבערליי'גן זיך, איבערצײַ'גן, איבערראַ'שן, איבערשאַ'צן, איבערשע'צן אאַ. אַזוי אויו אין פּר.

איבער — פּרעדיקאַטיוו צוזאַמען מיט די ווערבן
ז ײַ ן, ו ו ע ר ן, ה אָ ב ן אאַ. זײַן אאַזוו מער,
איבעריק, צו פּיל. „ווועט עס קלעקן אויף אַ
קאָסטיום? — אָ, ס'וועט נאָך זײַן א'“, רייד.
„האָסט 21? — אוי, כ'האָב א',„ רייד.
איבער — קאָנווערב. קומט אינאיינעם, איז
ניט אָפּטייליק פֿון אינפֿיניטיוו, גערונדיוו,
פּאַרטיציפּ; קומט נאָך דעם שטאַם פֿון ווערב אין
איצטיקער צײַט אין אימפּעראַטיוו. האָט אויף זיו
דעם אַ ק צ ע נ ט. קען גלײַכצײַטיק האָבן מער
ווי איין ב פֿון די ווײַטערדיקע:
1. ווײַזט אויף דורכפֿירן אַ טואונג נאָכאַמאָל,
ווידער, אַ צווייט מאָל איבערגיין,
איבערדערציילן, איבערוואַשן, איבערלערנען,
איבערפּרעגלען, איבערציילן, איבערשרײַבן אאַ. 2. ווײַזט
אויף דורכפֿירן אַ טואונג פֿונדאָסנײַ,
איבעראַנײַס, אַנדערש, אויף אַן אַנדער אופֿן:
איבערדערציילן, אי'בערזעצן (וואָס מע האָט שוין
געהאַט געזעצט), איבערטײַטשן, איבערטראַכטן,
איבערמאַכן, איבערנייען, איבערפּוצן,
איבעררעכענען, איבערשאַצן אאַ. 3. ווײַזט אויף אַ טואונג
וואָס ווערט דורכגעפֿירט אַ סך מאָל, אַ לענגערע
צײַט: איבערהוסטן, איבערטענהן, איבערמאָנען,
איבערמעקען, איבערקרעכצן, איבערשווענקען

אאַ. איבערהאַלטן, איבערהונגערן, איבערלײַדן אא. 4. ווײַזט אויף אַ טואונג אין אַ באַשטימטן צײַטאָפּשניט: איבערווינטערן, איבערנעכטיקן, איבערשלאָפֿן אאַ.

5. ווײַזט אויפֿן אַריבערבערענגען (אַריבערגיין, קומען) פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן, פֿון איין זײַט אויף אַ צווייטער אָדער אין אַן אַנדער ריכטונג. האָט דעם ב פֿון קאָנווערב אַריבער: איבערבייגן, איבערדרייען, איבערקערן אאַ;

איאיבעראַבאָנירן

בערזעצן, איבערטראָגן, איבערלייגן, איבערפֿלאַנצן אאַ; איבערלויפֿן, איבערפֿירן, איבערפֿלִיען, איבערשווימען, איבערשפּרינגען אאַ.

6. ווײַזט אויף אַ טואונג וואָס איז איבער דער מאָס, מער ווי מע דאַרף: איבערבעטן, איבערגעבן (אויסגאָבּ), איבערהאָרעווען זיו, איבערזאַלצן, איבערזײַערן, איבערלויפֿן, איבערמאָנען, איבערנעמען, איבערעסן זיך, איבערשאַצן, איבערשיסן אאַ. 7. ווײַזט אויף אַ טואונג וואָס איז מער ווי בײַ אַן אַנדערן, וואָס איז גובֿר דאָס אַנדערע: איבערוואַקסן, איבעריאָגן, איבערכיטרעווען, איבערקליגן,

איבּערשטאַרקן, איבּערשטײַגן, איבּערשרײַען אאַ.

8. ווײַזט אויף דורכפֿירן אַ טואונג בּיזן סוף: איבּערבּרענען, איבּערבּרעכן, איבּערהאַקן, איבּערזעצן, איבּערלייענען, איבּעררײַסן, איבּערשנײַדן, איבּערשפּאַלטן אאַ. 9. ווײַזט אויף דורכלעבן עפּעס און אויפֿהערן: איבּערגיין, איבּערוויינען זיך, איבּערלײַדן, איבּערקרענקען, איבּערשרײַען זיך אאַ.

1O. גיט צו דעם ווערבּ אַ נײַעם בּ: איבּערהייבּן זיך, איבּערזעצן (אויף אַן אַנדער לשון), איבּערטראָגן (סובֿל זײַן), איבּערטרײַבּן, איבּערכאַפּן, איבּערלייגן (זיך), איבּערענטפֿערן, איבּערפֿירן, איבּערקומען, איבּערשפּאַרן אאַ.

11. קומט פֿאַר זיך, אָן דעם ווערבּ וואָס ווערט גרינג פֿאַרשטאַנען: דער רעגן (די מגיפֿה) איז שוין א', דער אַפּעטיט איז שוין א', די רעוואָלוציע איז שוין א', דער ווייטיק איז שוין א'.

ווײַטער בּײַ אַ סך ווערבּן מיט א י בּ ע ר ווערן אָנגעגעבּן נאָר דער עיקרדיקער בּ אָדער נאָר אַ פּאָר בּבּ און די צווייטיקע בּבּ ווערן ניט אָנגעוויזן.

איבּעראַבּאָנירן — טרוו. ־ניר איבּער, ~

אַבּאָנירט   פֿונדאָסנײַ אַבּאָנירן. אויסשרײַבּן. א,
.
דעם ליטעראַרישן זשורנאַל.
איבּעראַ'בּענעס — אדוו. לאָקל (מאָהילעוו
און אומג'. זשלאָבּין). איבּעראַנײַ'ס, פֿונדאָסנײַ.
געקומען א, מיט דער זעלבּיקער מעשׂה. לאָמיר
שפּילן א, די זעלבּיקע שפּיל.
איבּעראַגיטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~
אַגיטירט. סאָוו. ווידער אַגיטירן, אַגיטירן אויף
אַ נײַעם אופֿן. דורך אַגיטאַציע בּײַטן עמעצנס
מיינונג, דעם שטאַנדפּונקט. א, די פּויערים, זיי
זאָלן פֿרײַוויליק אַרײַן אין קאָלווירטן. אי—
בּעראַגיטירט — אַדי. א'ע סאָלדאַטן. ־ונג.
איבּעראַדרעסירן — טרוו. ־סיר איבּער,
~אַדרעסירט. 1. אַדרעסירן נאָכאַמאָל, אויף
אַן אַנדער אופֿן. א אַ טייל קאָנווערטן. א,
,
מיט נאָך מורנו'ס. 2. אַדרעסירן אַ סך, אַ
גרויסע צאָל. א, צו אַלע ווײַלערס פֿון געגנט
דאָס אַגיטאַציע־בּלעטל פֿון קאַנדידאַט.
איבּעראַדרעסירט — אַדי. די א'ע קאָנווערטן.
־דונג.
איבּער אַ האָר — אַדוו פֿראַזע. 1. איבּער
אַ קלײניקייט. זיך צעקריגן א אַ ה', איבּער

אַ קוׂצוׂ־שלׂ־יוד. 2. אַ ביסעׂלע, אַ טראָפּעלע.
וועגט א, אַ ה, מער ווי איין אונץ.

8'

איבעראויס־ — קאָמבינאַציע פֿון

קאָנווערב א י ב ר מיטן קאָנווערב
א ו י ס. טרעפט זיך אין דער —
ריידשפּראַך. די ווערטער וואָס שאַפֿן זיך
מיט די ביידע קאָנווערבן קומען אויף
ס גטאַ בז יי אַ עמע רייך ;

ספּ אי פּר צ ס פּו
ובֿ ה ישן —

▯

, אַזוי אַז ד▯ל אָט די

באַ▯ע▯ק

דאַ ט ר ר ד גופֿא

ט זיי ניט

-

ר טרעפֿן זי ניט אין דער

שריבעגע▯ ש▯אַ▯בכ ▯י▯.י ▯ער▯־

. ן

או זיי ר ז ד ר נ

מיט די ביידע קאָנווערבן האָבן ניט
קיין אימפּעראַטיוו און ניט קיין
איצטיקע צײַט. דוגמאות:
איבעראויסאַרבעטן, איבעראויסברענען,
איבעראויסגעבן...איבעראויסק
איבעראויסרויכערן, איבעראוי ײַפֿן.
איבעראויסברענונג — די, ־ען. 1. דאָס
אויסברענען אויף אַ נײַעם אופֿן. די א, פֿון די
קראַנקע קעמערלעך מיט איקס־שטראַלן.
2. אויסברענונג וואָס איז איבער דער מאָס,

מער ווי מע דאַרף. „די א, בײַם היילן דעם פֿאַוואוס האָט געפֿירט דערצו אַז קיין האָר איז שוין מער ניט געוואַקסן,„ דר, א. איפּ.

איבּעראויסטערליש — אַדי. נאָך מער ווי אויסטערליש (←.). גאָר מערקווערדיק. אַן א'ער צונויפֿטרעף ־קייט.

איבּעראויססירונג — די, ־ען. סאָוו. דורכפֿירונג פֿון אַן אַרבּעט מער, העכער אָדער גיכער ווי די אײַנגעשטעלטע נאָרמע. „מע ווערט ניט קיין סטאַכאַנאָוועץ בײַ דער ערשטער א',„ סאָוו צ,.

א בּעראויסקום — דער. מצ נבּ. סכום געלט וואָס איז מער ווי נייטיק אויף אויסצוקומען, מער ווי אויף די לעבּנס־הצטרכותן. „פֿריִער האָט געפֿעלט אויף בּרויט, איצט בּרוך־השם האָט ער שוין אַן א„„ רייד.

איבּעראויסקלײַבּעריש — אַדי. צו שטאַרק אויסקלײַבּעריש (←.); איבּער דער מאָס אויסקלײַבּעריש. אַן א'ער אַלטער בּאָק.

-

איבּעראויס־ — אַזוי ווי -

←. דו אות: איבּערא -

בּעראויפקומען, איבּער

איבּעראויסגעבּן — טרוו. ← אויפֿגעבּן. אויפֿגעבּן מער ווי מע דאַרף, ווי מע קען דורכפֿירן. א, היימאַרבּעט. „לערער, מיר בּעטן איַיך, נאָר ניט א, צו לייענען גאַנצע בּיכער“, רייד (ווילקאָמיר).

איבּעראויפֿגעקלערט — אַדי. (מיט בּיטול) וואָס איז צו פֿיל, איבּער דער מאָס אויפֿגעקלערט (←). „דער גאַנצער כּעס פֿון די א'ע איז נאָר אויף דער איינער ייִדישער צײַטונג„, ארז, קמ, 23 1868, No. ־קייט.

איבּעראויפֿזיכט — די, ־ן. 1. זייער שטרענגע אויפֿזיכט (←). השגחה. „וואָס שייך כּשרות — איז בּײַ אונדז אַן א'“, רייד. 2. אויפֿזיכט איבּער די וואָס האָבּן די אויפֿזיכט. “דער

פֿאַרוואַלטער האָט די א, איבער אַלע אויפֿפּאַסערס,,, רייד.

איבעראַיאָר

איבעראויפֿקלערונג — די, ־ען. 1. אויפֿקלערונג מיט צו פֿיל רייד, מיט איבעריקע פּרטים. אַן א, וואָס נודיעט. 2 פֿאַלשע השׂכּלה, . אויפֿקלערונג (←., בּבֿ 2־3) וואָס פֿירט צו פֿאַלשע דרכים אין לעבן. די א, וואָס רײַסט אָפּ פֿון ייִדישקייט. פֿרגל איבעראויפֿגעקלערט.

איבעראויקען — אוטוו. ־קע איבער, ~ געאויקעט. 1. נאָכמאַכן אַן אויקען (←). איין קינד אויקעט און דאָס צווייטע אויקעט איבער. 2. אויקען איבער דער מאָס אָדער אַ לאַנגע צײַט. א, דעם גאַנצן אָוונט. ־עניש.

איבער און איבער — צגז אַדוו. 1. איבער דער מאָס, אַ סך מער ווי מע קען זיך ריכטן. ,,און אויב מײַנע זינד גרייכן א, א, א'...‘‘, ספֿר היראה, 1877. 2. כּסדר, אַ סך מאָל דאָס זעלביקע. ,,זאָגט אָן א, א, א, ווי מע זאָל אים מקבר זײַן‘‘, רייד.

איבעראותעווען — [...אָסעווען] טרוו. ־תעווע איבער, ~געאותעוועט. נעאָל. 1.

טראַנסליטערירן, שרייַבן די ווערטער פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך מיט די אותיות פֿון אַלף־בית. „א, די נעמען פֿון די שטאַטן אָדער זיי אָנשרייַבן אַזוי ווי מע רעדט זיי אַרויס?“. 2. זאָגן נאָך דער ריי אות נאָך אות פֿון אַ וואָרט. א, דעם העבֿרעאיזם.

איבֿעראַזאַמען — אַדוו. אַרכ. צוזאַמען. צווישנאַנאַנד. „די ווערטר ניט וואול איבֿר אַזאַמין גישלושׂן זײַן“, אליהו בֿר, ליזר קוטנים איבֿז, תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692.

איבֿעראַטאָ'ג — אַדוו. אַ טאָג איבֿער אַ טאָג; איבֿערגעהיפּערט אַ טאָג. יעדן איבֿערמאָרגן אָדער אייערנעכטן. עסן פֿליישיקס א'. „דער דאָקטער קומט צו מיר א'„ רייד. „דער הויז־דאָקטאָר פֿלעגט א, קומען צו פֿאָרן צו דער קראַנ...

קער„, מ. ריבֿקין, דער ווער ווליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914. „זײַן אייגענער זון פֿאַרגעסט יעדן א אָנצוטאָן די ציצות“, חג, צמח אַטלאַס.

אי'בער אַ טאָג — פֿראַזע. מער ווי אַ טאָג. וואַרטן א אַ ט, אויף עמעצנס קומען. „עס איז אַוועק א אַ ט', מער ווי אַ מעת־לעת,

,
און ער האָט מיר ניט אָנגעקלונגען,,, רייד.
איבעראָטעמען — אָטעם איבער, ~
געאָטעמט. אוטוו — אָפּכאַפּן דעם אָטעם; אָפּרוען
(זיך) אַ ביסל. א, בײַ דער אַרבעט און
פֿאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס. טרוו — 1. פֿאַרענדיקן
אַרײַנצואָ מעו. א, דעם גאַנצן זויערשטאָף פֿדו
באלאָן. . דזוו איבערלעבן. ,,מײַן לעבן מאָנט
ט

-

זיך אַ סך צײַט. איך דאַרף נאָכאַמאָל א, דאָס
לעבן פֿון גאַנץ ווײַטע דורות", א. ווייץ,
היימיש, אַפּריל־מײַ 1961. ־וננ.
איבעראַטעסטירן — טרוו. ־טיר איבער,
~אַטעסטירט. אַטעסטירן אויפֿסנײַ. א, די
תּלמידים. ־דננ.
איבעראַיאָ'ר — אַדוו. אין אַ יאָר אַרום;
מיט אַ יאָר שפּעטער. אין דעם (אויפֿן)
קומענדיקן יאָר. ,,אם־ירצה־השם א, וועלן מיר ווידער

אָפּריכטן דעם סדר בײַ אײַך“. „א, אין דער
צײַט וועל איך שוין זײַן אין ארץ־ישׂראל“.
„איך וועל ענדיקן די שול א',.. „א, — איז
אַן אַנדער (נײַער) יאָר“ פֿוול. „הלוואַי אויף

,

איבער אַ יאָר

א, מיט ווייניקער זינד און מיט מער געזינג“,
אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. ברכה:
פֿון הײַנט א, זאָלסטו ווערן אויס מענטש

„
בײַ יענעם און ווערן אַ מענטש פֿאַר זיך“,

י. נוימאַן, ייִשפּ III י, 1 2. „ניט דערלעבן
זאָלסטו א'“ — קללה. „אויב ניט הײַנט —
איז מאָרגן, אויב ניט מאָרגן — איז א',,,
פֿוול. „און, מאַך דעם קידוש איבער דעם ווײַן
...איבער איין יאַר וואָלין מיר צו ירושלים

זײַן“, 'בנימינס שבת־ליד , באַלד נאָך של„ד

[ייִבל XIII, 1 ־]. „און ווער ווייסט פֿון אונדז
אָטאָ דאָ, ווער א, וועט דאָרט רוען? דער
טויט זאָגט דאָך ניט אָן די שעה,,, עט, לידער.
„און א, וועט סאָלאָמאָן זײַן געלערנט אַזוי ווי

אַ שטאָטישער יונגערמאַן“, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. אָפּט סובֿ. „זאָל דיר דער א, זײַן בעסער
ווי דער הײַ־יאָר„. „ווערט אַלץ אָפּגעלייגט אויף
אַן א, און אויף ווער ווייסט וויפֿל א'ן„, יג,
טמז, IX 19▯4 11.
*לאָזן די קינה (קינות) אויף א, = ניט גלייבן
אָדער האָבן ספֿקות אַז משיח (די גאולה) וועט
קומען בקרובֿ, במשך פֿון דעם יאָר. [מע פֿלעגט
זיך נוהג זײַן תּשעה־באָבֿ נאָך די קינות
אַוועקצושענקען די קינה דעם שמשׂ, כּדי מיט דעם
צו ווײַזן אַז מע גלייבט אַז משיח וועט קומען
במשך פֿון דעם יאָר, און דעמאָלט וועט דאָך
תּשעה־באָבֿ בטל ווערן, מע וועט מער ניט
דאַרפֿן זאָגן קינות. האַלט מען יאָ די קינה בײַ
זיך, באַטײַט עס אַז מע גלייבט ניט גענוג
פֿעסט אין באַלדיקן ביאת המשיח.]
אי'בער אַ יאָר — פֿראַזע. מער, לענגער
ווי אַ יאָר. „שוין אַוועק א, אַ י„ אפֿשר שוין
גאַנצע פֿופֿצן חדשים“. „א אַ י, האָט די כּלה
,
געוואַרט אַז דער חתן זאָל צוריקקומען„.
איבעראַיאָריק — אַדי. 1. וואָס איז פֿון
דעם קומענדיקן יאָר. אָפּצאָלן חובֿות פֿון א'ן
פֿאַרזיי. „א'ע געשעפֿטן וועלן אפֿשר זײַן

בּעסערע“. „עס זעען זיך ניט פֿאָרויס קיין א'ע פֿאַרדינסטן“. „די רעזולטאַטן פֿון די א'ע וואַלן“, מ. ריבלין, טמז, 2 .26 1965 I. קומעדיק, שפּעטערדיק; וואָס איז אין אַן אומבּאַשטימטער, הגם פֿאָרויסגעזעענער צײַט. די הײַ־יאָריקע סטודענטן און א'ע וויסנשאַפֿטלערס ־יקייט.

.

איבּעראיבּלען — אומפּ. עס איבּלט איבּער, ~געאיבּלט. עקלען, איבּלען און אויפֿהערן. „עס האָט מיך געאיבּלט פֿון דער שמוציקער אַרבּעט, בּיז עס האָט מיך איבּערגעאיבּלט און איך האָבּ זיך צוגעוואוינט צו איר,„ רייד.

איבּעראידעאַליזירן — טרוו. ־זיר איבּער, ~אידעאַליזירט. צו פֿיל, איבּער דער מאָס אידעאַליזירן. ״דאַרפֿן...דינען פֿאַר יעדן... אידעאַליזאַטאָר פֿון ישוס פֿיגור אַלס אַן ערנסטע וואָרנונג: ער זאָל אים ניט א'“, גרינ, בּלעטלעך פֿון אַ טאָגבּוך.

איבּער־איבּער... — כּדי שטאַרקער אַרויסצוהייבּן דעם בּ פֿון א י בּ ע ר מיט אַדיעקטיוון, סובּסטאַנטיוון און מיט אינפֿיניטיוון ווערט דער איבּער איבּערגעחזרט בּײַם עמאָציאָנעלן רעדן. א'־א'אײַליקער בּאַשלוס = אַ גאָר שטאַרק איבּעראײַליקער בּאַשלוס. א'־א'געגעבּן = בּיז

גאָר, זייער שטאַרק איבערגעגעבן. אַזוי אויך:

8'

א'־א'געאַרבעט, א'־א'געשאַצט אאַזוו. אַזוי אויך
בײַ סובסטאַנטיוון: א'־א'אײַליקייט, א'־א'
געאײַלטקייט, א'־א'שאַצונג אאַזוו. אַזוי אויך בײַ
אינפֿיניטיוון: א'־א'אַנדערשן, א'־א'צאָלן, א'־א'שאַצן
אאַזוו. [בײַ אַדיעקטיוון איז עס אַ פֿאַרבײַט
פֿון סופּערלאַטיוו, ספּעצ דאָרטן וואו ער קלינגט
ניט גוט. פֿון איבערגעגעבן איז באַקוועם —
.
דער איבערגעגעבנסטער, אָבער פֿון
איבערגעשאַצט — ווערט אַנשטאָט 'איבערגעשאַצטסטער,
אויך געניצט א'־א'געשאַצטער.] „דעם ייִדנס
געירשנטע קאָנסטיטוציע האָט זיך
אַרויסגעקראָגן פֿון דער א'־א'געהויבנקייט פֿון זײַן
גײַס...
טיקן איבערבוי„, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר
אומגלייביקע. איבער־איבערמאָרגן —
טאָג נאָך איבערמאָרגן (←.).
איבעראיידל — אַדי. איידל אין אַ גאָר
הויכער מדרגה. אַן א'עלער כאַראַקטער. א'עלע

מידות. ־קייט.

א בעראײַלונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון איבעראײַלן (זיך). „דיא איבּר אײַלונג דעם מענשענס ליגט אונטר זײַנה צונג, כּלומר דורך דעם פּלוידרן„, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ„ט. „נון נאָך דיזם קענטי איך גישעהן דשׂ וועגן איבּר אײַלונג דשׂ געלט אין שק ליגן בּלײַבּט“, ר, יו ף דאַרמשטאַדט, איבּז, תּורת משה, קאַרלסרוא 1770.

איבּעראײַ'לט — אַדי. דטשמ. ←

איבּערגעאײַלט. „...שטוינען ווי קאָן מען אַזוי א, ווירטשאַפֿטן„, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע tות II, סאַטמאַר תּרל“ב. „ייִדן זײַנען אַן א, פֿאָלק“, עקיבֿא יוטף שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 18.

איבּעראײַליק — אַדי. פֿפֿ: ~הײַליק.

1. וואָס איז צו גיך, בּחפּזונדיק. אַן א'ער בּאַשלוס. „ווער עס איז שמײַליק איז ניט א'„, שוו. „זײַט ניט אַזוי א, צו קומען אויף חתונה“, ליאָנדאָר, בּש, ווילנע 1844. 2. ניטבּאַטראַכט, ניט־בּאַקלערט. אַ דערוויַיליקע און אַן א'ע החלטה. “דאָס ווײַבּ פֿון דעם גבֿיר זאָגט צו איר מאַן. פֿאַרוואָס בּיסטו אַזוי א,

.

געוועזן, האָסט דעם אָרעמאַן אַרויסגעוואָרפֿן,,,
א. פּאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תּקצ,,ח.
־יקייט.
איבּעראיילן — טרוו. אייל איבּער, ~געאיילט.
נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש (אויס)איילן. א, די
רעדער.
אײַלט. פּפֿ: ~היי רוו. אײַל אי :ר,
.1
איאיבּעראײַלן — ~
גע— ן. אַרכ: ~איי, ן.
-

בּעריאָגן. ,,די שפּעטערדיקע שלוחים האָבּן
געדאַרפֿט א, די פֿריִער אַרויסגעשיקטע“. 2.

מאַכן מע זאָל זיך אײַלן, אונטעריאָגן. ,,איין מאָל
שיקט דער (מלך) אונ, לאָזט אים רופֿן. אונ,
דיא (משרתים) פֿון מלך איבּר אײַלן אים דשׂ
ער מוז גישווינד קומן צום מלך“, מהמ, אַמשט,
1722. [דער ווערבּ איז דאָ איבּעראײַ'לן, אַרכ,

איצט נר.] „זיי קענען דיך ניט מאַכן
אַוועקפאָרן פון דײַנעם ווילן, זיי קענען דיך ניט א',
זיי קענען דיך ניט זאַמען„, שיר היחוד ליום
חמישי פּפדמ 1885.

מיט ז י ך — זיך שטאַרק יאָגן, זיך צו
שטאַרק אײַלן; ניט באַטראַכטן ווי געהעריק און

איבעראײַפער

טאָן עפּעס וואָס מע קען אויף דעם האָבן
חרטה. „מיט דײַנם מויל דיך ניט איבר אײַל,
לאָז דיר פֿאַר צו העריו דר ווײַל, וואז ער אַן
דיך גיבערן טוט", צוכט. „מענכר גיאט
לאַנגזאַם אונ, עררײַכט דאָך צו זײַנם פּרלנגן, מענכר
איבר אײַלט זיך אונ, שטרויכלט„, ספּר מבחר
הפּנינים, הומבורג תּצ"ט. „דעם אינטערעס מוז
מען טון מיט חכמה און פּאַוואָליע. מע טאָר
זיך דאָ נישט א'", יפּ. „מע טאָר זיך ביי קיין
זאַך ניט א', מע מוז זיך יעדע זאַך באַטראַכטן„,
יהל, די אומבאַקאַנטע פֿאַרליבטע, וואַרשע 1901.
־עניש — "קיינער וועט ניט האָבן קיין רעכט
צו באַשולדיקן אונדז אין א'„, זשיט I, נ„י

.1912

איבּע

..

איַ

אַן

איַנקאָכן) בּ) בּיַ אַדיעק .ו און

פּאַרטיציפּן מיט איַנ־: צו פּי אין

ווייגטלער איבּ איינ לאַנצ ־

— ע

אַ צו גרויס ר מ ס, מ ווי ג

ג) בּיי סובּסטאַנטיוון וואָס ווערן

גע— ־ —

שאַפֿן פֿון די ווערבן אַזוי ווי בּיַ די

ווערבּן.

איבּעראיינס זיַן (ווערן, קומען) —

צזוו. אַרכ. דזוו איבּעראיַנקומען ←. ענלעך

זיַן. מסכּים זיַן, האַבּן (קומען צו) איין

מיינונג. „אַלי לשונות קומן מיט אַנדר איבּר

אינשׂ...ניַארט דשׂ הולענדש איז אבּ

זונדערליך„, יוסף מאַרשן, שיני אַרטליכי גישיכטין,

אַמשט תּע„א. „זער ניַאי גיריג אום צו זעהן,

אובֿ איר (ספֿרים) מיט דיא אונזרי איבּר איינשׂ
קומן,,, שאַר, קמא. ,,אַלי אומות ולשונות מיט
דיזן איבּר איינשׂ זײַן,,; ,,אַלי מענשין אין
דיזין איבּר איינשׂ קומן‘‘, מ. ז. איידליץ, מלאכת
מחשבֿת, פּראָג, תּקל‘‘ה.
איבּעראײַנקומען — אוטוו. ~אײַנגעקומען.
דטשמ. דורכקומען, קומען צו אַ הסכּם. ,,מיט
דײַטשלאַנד איז זי אויך א'אײַנגעקומען, זי זאָל
איר ניט שטערן‘‘, ייִפֿאָל, 4 1882 II.
איבּעראײַנשטימונג — די, ־ען. דטשמ. נר.
הסכּם; פֿולע צושטימונג, אײַנשטימונג
פֿראַנק. ,,
רײַך ווערט אין עגיפּטן האַנדלען נאָר אין א,
מיט די איבּעריקע‘‘, ייִפֿאָל, 4 l882 II.
איבּעראײַנשטימיק — אַדי. נר. וואָס איז
אין פֿולן הסכּם, לחלוטין אײַנשטימיק. זײַן
א, מיט די איבּעריקע מיטגלידער פֿון פֿאַראיין.
איבּעראײַנשטימען — אוטוו. ~
אײַנגעשטימט. דטשמ. נר. אײַנשטימען, מיטשטימען,
צושטימען. זײַן אין פֿולן הסכּם מיט עפּעס,
עמעצן. ,,אונדזער תּורה שטימט איבּעראײַן מיט
דער נאַטור, מיט דעם שׂכל,,, קמ, 12 1866, No.
,,מוזן מיר מיט אים א, און האָפֿן אַז די
איצטיקע פֿאָרשטייער פֿון תּלמוד־תּורות...‘‘,

ארז, קמ, 5 1870, No.

-

איבעראייסער — דער, ־ס. זייער שטאַרקער
אייפער; אייפער וואָס איז שטאַרקער ווי אַנדערע
אייפערס אין מענטשנס נשמה. זיך נעמען צו
עפּעס מיט אַ גוואַלדיקן א'. ־דיק — אַדי.
־דיקייט.

איבעראיך

איבעראיך — דער. מצ נב. נעאָל. וואָרט
פֿאַרן פּסיכאָאַנאַליטישן טערמין סופּערעגאָ.
„דער פּסיכאָאַנאַליטיקער איז...אַרײַנגעטאָן אין
דעם כּוח פֿונעם מאָראַלישן אימפּולס...פֿרויד
האָט אַ נאָמען פֿאַר אָט דעם
פּערזענלעכקייטפֿאַקט; ער רופֿט אים א, (געוויסן). דער
א,
איז דער רעזולטאַט פֿון די מאָראַלישע כּוחות
אין דעם קינדס סבֿיבֿה“, מוו [ייִבל XX, ז,
176]. „אויב דאָס 'עס, איז בלינדע
לײַדנשאַפֿט, און דער 'איך, איז אַדמיניסטרירנדיקער
אינטעלעקט, איז דער 'א", לויט פֿרוידס

אַנאַטאָמישער סכעמע, דער זיץ פֿון געוויסן,,, גרינ, מענטשן און ווערטן.

איבֿעראימיקייט — די. מצ נבֿ. נעאָל. דאָס וואָס איז איבֿער דעם מענטשן, איבֿער זײַן השׂגה, זײַן באַנעם אָדער דאָס וואָס איז בכלל איבֿער אים. „אַפֿילו אַז דער הונגער איז בײַ אים נישט געווען קיין אינטעלעקטועלער, האָט ער געפֿילט אין זיך זײַן א"", אפֿא, געטראַכט מיט ע▯רײ־טײַטש.

אי'בעראינדיווידוע'ל — אַדי. וואָס איז מער, העכער, איבֿער דעם וואָס איז יחידיש, אינדיווידועל. „מ...לייקנט ניט, אַז אין דעם פֿאַרלויף פֿון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג וואַקסן אויס א'ע, סאָציאַלע געשטאַלטונגען, וואָס זוכן אײַנצושלינגען דעם יחיד", זשיט, הקדמה [ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I].

איבֿעראינוועסטירן — טרוו. ־טיר איבֿער, ~אינוועסטירט. 1. אינוועסטירן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. פֿאַרקויפֿן די אַקציעס און א, דעם קאַפּיטאַל אין אַ נײַער אונטערנעמונג. 2. אינוועסטירן מער ווי ס'איז פּראַקטיש. א, דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט און פֿאַרלירן בײז אַ גראָשן. ־ונג.

אי'בעראינטעליגע▯נט — אַדי. זייער

אינטעליגענט, מער ווי (אויסערגעוויינטלעך)
אינטעליגענט. פּראָסטע עלטערן און א'ע קינדער.
ך סו: דער, ־ן. ונ ־ין, ־ס.
איבּעראי
נטע יגענן.
אוי

אי'בּעראינטענסי'וו — אַדי. וואָס איז זייער
(אויסערגעוויינטלעך) אינטענסיוו. מיט א'ע
באַמיאונגען. קייט.
איבּעראינסצענירן — טרוו. ־ניר איבּער,
~אינסצענירט. אינסצענירן פֿונדאָסנײַ, אויף
אַן אַנדער אופֿן. "די אינסצענירונג פֿון ראָמאַן
איז ניט קיין געראָטענע, מע דאַרף די גאַנצע
זאַך א'" ־ונג.
.
א בּעראינפֿלאַציע — די, ־ס. גאָר
שטאַרקע, גיכע אינפֿלאַציע. „פֿריִער איז די
אינפֿלאַציע פֿון דער פּעזע געגאַנגען פּאַמעלעך, דערנאָך
איז מיטאַמאָל געקומען אַן א',,, רייד.
איבּעראינפֿלאַטאָריש — אַדי. א'ע פּרײַזן.
איבּעראינקאָרפּאָרירן — טרוו. ־ריר
איבּער, ~אינקאָרפּאָרירט. אינקאָרפּאָרירן

פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן אָדער מיט אַן אַנדער נאָמען. „געמאַכט עטלעכע קליינע פֿאָרמעלע טעותן און מע דאַרף א, אונדזער געזעלשאַפֿט“. ־ונג.

איבעראיראָניש — אַדי. זייער איראָניש, איבער דער מאָס. סאַרקאַסטיש, בײַסיק. א'ע

878

ווערטלעך, באַמערקונגען. „אַזוי א, און איבערטראַגיש ווי נאָר פֿאַקטן קאָנען זײַן“, צײַט, טמז, 1961 III □י 25. ־קייט.

איבעראַכטאָ'ג — אַדוו. 1. אין זיבן טעג אַרום; אין דעם זעלביקן טאָג פֿון דער קומענדיקער וואָך. „אַ דאַנק פֿאַרן קומען צו אונדז, א, שבת וועלן מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט בײַ אײַך„, רייד. „געדענקט, מיר טרעפֿן זיך ווידער אין דער זעלביקער צײַט פֿון הײַנט א'“, רייד. „זײַט רואיק, עס וועט נאָך בלײַבן [שפּײַז]...אויף א, שבת“, ספּ, סודות. *יאָ, א, מיטוואָך (אָדער אַן אַנדער טאָג) נאָך דעם שניי (דער זאַווערוכע) אע = איר, עס וועט נאָך לאַנג געדויערן. „האָסט אים געליִען אויף עטלעכע טעג, יאָ, ער וועט דיר אָפּגעבן א, מיטוואָך

נאָכן גרויסן רעגן“, רייד. „ווינטש איו דיר, אַז אויף א, זאָלסטו...ניט האָבן אויף שבת און ...איך זאָל דיר אונטערוואַרפֿן אַ האַלב קערבל“, בערג, בײַם דניעפּער I. „אויבער אַכיט טאָג בין איך ווידר הירן„, 'בנימינס שבת־ליד', באַלד נאָך של„ד [ייִבל XIII, 1][.

2. במשך פֿון דער קומענדיקער וואָך, די קומענדיקע וואָך. „הײַנט איז זונטיק אויף גאָטס וועלט, ניט שפּעטער ווי א, דינסטיק קריגסטו צוריק דאָס געלט„, רייד. „א, אם־ירצה־השם וועלן מיר זיך שוין גרייטן צו דער נסיעה„, רייד. „מיר זאָגן קומענדיקע וואָך אָדער נעקסטע וואָך, און מיר ווילן שרײַבן אידיאָמאַטיש, זאָ־. גן מיר — א'„ אפּא, ג טראַכט מיט עבֿריטײַטש.

אויו סוב. „זאָל נאָר דער א, זײַן בעסער צו אונדז ווי די, וואָך“. „עס וועט נאָך דורכגיין ניט איין א'„. ־יק — אַדי. פֿאַראַכטאָגיקע הוליאַנקעס און א'יקע חשבונות.

אי'בער אַכט טאָג (טעג) — פֿראַזע. מער, לענגער ווי אַכט טעג; מער ווי אַ וואָך. איבער אַכט טאָג בלײַבן אין שטעטל און וואַרטן אויפֿן סוחר.

איבעראַ'ל — אַדוו. M□ □:.□ber¯al. אַרכ,
איצט דטשמ. 1. אומעטום, אין יעדער אָרט,
אין אַלע ערטער (פֿון אַלע זײַטן, אין אַלע
ווינקעלעך). „בבֿא דער גינג הנויף אין זאַל; ער
ואַנד אין בֿול מיט גישׂטן, מיט ויל לוייטן
ווש עש ואל אויבר אַל„, בבֿא־בוך, 511. “ער
גינג גאַר לאַנג אין דער שטאַט אום שוועבן
אונ, זוכט איבר אַל אַן אַלן ענדן“, ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686. “טוא דיך וואול במיאין דען אובֿן
[= אויוון] ערשט איבראַל אויז צו גליאן“,
□ ה II, פֿיורדא תפ“ז. „א, וואו מע דאַוונט
אָדער מע לערנט מוז זײַן ריין„, חא, ו/א.
„ער האָט באַלעבט די שעפֿער אַלע, פֿון גאָר
דער וועלט, פֿון א'“, אר, 'געאָרג בראַנדעס'.
„ניט פֿרעגט וואוהין, עס בלײַבט עגאַל, מיר
א, דער זעלבער פֿאַל“, מר I. שפּאַסיק. „וואָס
זעט מען בײַ אײַך? — א, די זעלבע לבֿנה“
(סאָניק און אומג,).
2. בלויז אַרכ. בסך־הכל, לכל־הפּחות. “דא
שפּראַך גאָט: ווען איך איבראַל גפֿינד נײַן
[צדיקים] דא וויל איך זיא נישט טון„, טח,
בראשית, יח, 32.
איבעראָ'ל — דזוו דפֿוו. „אַז איינער זאָגט

איבעראַנאַנדער

א, — ווייסט מען שוין אַז ער איז פֿון
אונגערן אָדער פֿון קאַרפּאַטאָרוס", רייד.
איבעראַלט — אַדי. זייער (
אויסערגעוויינטלעך) אַלט. „ס'איז ניט קיין אַלט ברויט, ס'איז
א, ברויט, ממש פֿאַרשטיינערט ברויט„, רייד.
איבעראַלטמאָדיש. ־קייט.
איבעראַלערגיש — אַדי. זייער אַלערגיש,
איבער דער מאָס. „עס זײַנען פֿאַראַן מענטשן
וואָס זײַנען א, און קענען ניט פֿאַרטראָגן
אײַנגעדרונגענע ריחות", דר, נלען, פֿאָר, 7 XI 1965.
— פֿראַזע. אויך: א, אַלעם.

איבער
אויך: א , און אַלעם. העכער, בעסער,
אַל

וויכטיקער אאַזוו ווי אַ'לדאָס איבעריקע. לערנען
תּורה איז א, א'. דער רבש„ע איז א אַ, און
,

-

אַלעם. „א אַ, איז ברויט מיט שמאַלץ“ פֿוול.

איבעראַ'לצן — די. בלויז מצ. נעאָל, סטוטש. אַנשטאָט דעם וואָרט אָווערלאָס ←. אַרומגיין אין א'.

אי'בעראַמאָ'ל — אַדוו. ווידער, נאָכאַמאָל. קומט געוויינלעך מיט נאָכאַמאָל. „לייענען נאָכאַמאָל און א',„ ש. ביקל, רומעניע. „האָט דער מאַן נאָכאַמאָל און א, דערציילט פֿאַר די ריכטער...„, פֿאָר, 1965 III י 10.

איבעראַמט — די & דער, ־ן. אַמט וואָס איז איבער אַן אַנדער אַמט אָדער אַמטן. אַ שטאַרק צעצווײַגטע ביוראָקראַטישע סיסטעם מיט אַמטן און אַן א,.

איבעראָנ־ — אַזוי ווי איבעראויס־ ←. דוגמאות: איבעראָנב ן, איבעראָנ־ צ עןֿ,— איבעראָנקווע איבעראָנשאַרפֿן.

איבעראַנאַ'כט — אַדוו. דזוו איבערנאַ'כט ← פֿארברענער פֿון קליינע קינדער קאָנען . ,, ־ נישט א, ווערן אַנדערש ווי זיי זײַנען,„ צײַט, טמז, 22 2 19 I.

איבעראַנאַ'נד — אַדוו. 1. פֿד. כּסדר, שטענדיק. „אַ שלאַקריריקער, אַ פֿאַראַליזירטער, בּרומט ער א, און מע קען ניט וויסן וואָס ער וויל„. „...האָט אים געמוזט א, צושווערן, אַזוי בּאַלד עס וועט קומען צו אַ מלחמה, זאָל ער ליבּער זײַן לעבּן פֿאַרלירן איידער אים צו פֿאַרלאָזן“, ראָבּינזאָהן II, ווילנע 1880. „איינע נעבּעך אַן אַלטע, אָפּגענומענע פּיס און ליגט א',„ פּרץ, בּילדער און סקיצן. 2. דזוו איבּעראַנאַנדער ←.

איבּעראַנאַ'נדיק — אַדי. 1. כּסדרדיק, נאָכאַנאַנדיק. א'ע צרות. א'ע געסט. 2. צווישנאַנאַנדיק. א'ע שכנותן, בּאַציאונגען. „[די ייִדישע ליטעראַטור] האָט אונדז געוויזן דעם ייִדישן מענטש אין זײַן רוחניות און זײַן גשמיות און ...אַנטפּלעקט זייער א'ע בּאַווירקונג“, י. יאַנאסאָוויטש, איק, ר"ה תּשכ"ה. 3. וואָס איז איינס אויף (איבּער) דאָס אַנדערע. א'ע בּלעטער. ־יקייט.

איבּעראַנאַנדער — אַדוו. 1. איינס אויף (איבּער) דאָס אַנדערע. "עס ליגט צונויפֿגעוואָרפֿן לץ א'“, רייד. „דער רשע האַלט זײַן הענד איבּר אַננדר אונ, וויל נישט ערבּטן“, צאינה, קעג/א. "אונ גשטעלט [די זעקלעך מעל] אין

איינער עק, און, ניט איבער אַננדר פֿיל זעק“,

איבעראַנאַנדערגיין

 תה II, פֿיורדא תּפּ,,ז, ט/ב [מטעם חימום, מעל זאָל ניט ווערן דורכגעוואַרעמט און עס זאָל ניט זײַן קיין חשש פֿון חמץ]. 2. אָן אַ סדר, צונויפֿגעוואָרפֿענערהייט. ,,ניט אײַנפּאַקן ווי עס געהער צו זײַן, נאָר אַרײַנלייגן אַלץ א'“. ,,אבֿר העט ער דיא ציגל גיליגט איבר אַננדר, נמצא דא איז זײַן דעה ניט, דאשׂ ער זיא וויל האבֿן דרויף צו זיצן,,, לט1, ע/ב. 3. כּסדר, שטענדיק. פֿרגל איבעראַנאַנד. ,,תּלמידי־חכמים...זיך קריגן אין דער צײַט דז זיא מפֿלפּל זײַן און, זײַנן היצג איבר אַננדר,,, סהמ, תּהלים, מה, 6.
איבעראַנאַנדערגיין — [איבעראַנאַנדער ווערט געניצט ווי אַ קאָנווערבֿ] אוטוו, דריטפּערזאָניק. איצ7 איז ~אַנאַנדערגעגאַנגען. אַרכ פֿאָרקו.
מען, געשען, פּאַסירן (איבערגעגעבֿן אין דעם ריכטיקן צײַט־סדר). ,,ווילשׂטו איינם איין שמועה קלאָגן, מושׂטו אים דאשׂ מעשׂה וויא עז איז איבר אַננדר גיגנגן זאָגן,,, עיון, ו/ב.

-

איבּעראַנאַנדערוואַרסן — [←. דפֿוו] טרוו.
וואַרף ~אַנאַנדער, ~אַנאַנדערגעוואָרפֿן.
צונויפֿוואַרפֿן אין אַן אומאָרדענונג, צעוואַרפֿן. „די
רשעים, די פּוחזים...האָבן דאָס געלט און
קליידער און צירונג אַלץ איבּעראַנאַנדערגעוואָרפֿן“,
מעה אומן.
איבּעראַנאַנדערליגן — [←.
איבּעראַנאַנדערגיין] אוטוו. איצ7 ~אַנאַנדערגעלעגן. אַרכ.
ליגן
איינס אויף דאָס אַנדערע. „בּיידי הענד...קענן
דיכט [= פֿעסט, צוגעפּרעסט] איבּר אַנדר
ליגן — זוא בּטייט עז אויף (עשירות)„, איבּז,
מ. א. גאַלינו, חכמת היד, פֿפֿאָ תּקנ„ט.
איבּעראַנאַנדערלייגן — [←.
איבּעראַנאַנדערגיין] טרוו. לייג ~אַנאַנדער,
~אַנאַנדערגעלייגט.
לייגן איינס אויף דאָס אַנדערע. א, די טישטעכער
אויף דעם סדר־טיש. „ווײַל ער [די ציג I
איבּעראַנאַנדערגעלייגט האָט, דא זיי זיא אָסור
מטלטל צו זײַן [אום שבּת]“, לט1, ע/בּ.
איבּעראַנאָנסירן — טרוו. ־סיר איבּער,

~אַנאָנסירט. 1. רעקלאַמירן, באַקאַנט מאַכן,
אַנאָנסירן פֿונדאָסנײַ. א, דעם קאָנצערט אויף
אַ צווייטער דאַטע. א, דעם נײַעם פּראַדוקט.
2. צו פֿיל, איבער דער מאָס, אַנאָנסירן.
צעפּויקן, צעבלאָזן. א, דעם (אַ) חזן, אַקטיאָר,
וואונדערדאָקטער. א, אַ מיטל אויף לאַנג
לעבן, אויף אייביק יונג זײַן. א, און עס זאָל
פּלאַצן ווי אַ זייפֿנבלאָז.
איבעראָנגעצויגן — אַדי, פּאַר
איבעראָנציִען. אָנגעצויגן זייער שטאַרק, מער ווי מע
דאַרף, ווי עס פּאַסט זיך. אַן א'ענע סטרונע.
א'ענע באַציאונגען. „אַנשטאָט בילדער פֿון
טראַנסצענדענטאַלע אידייען זײַנען...
אַרויסגעקומען קאַריקאַטורן פֿון א'ענע געפֿילן“, זשיט
I, נ"י 1912. ־קייט.
איבעראָנגעקוואָלן — אַדי, פּאַר
איבעראָנקוועלן. אָנגעקוואָלן זייער שטאַרק, מער ווי
מע דאַרף, ווי עס פּאַסט זיך. א'ענע געפֿילן.
„די יידישע פֿאָלקס־מעשׂה, מיט סכּנות
אָנגעלאָדענע, מיט גלותן אָנגעבלוטיקטע...אַן
אָנגעלאָפֿענע און א'ענע מיט גלויבן, בטחון און
נבֿואה“, ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

איבּעראָנגרייטן — טרוו. אימפּ, איצ נבּ; ~אָנגעגרייט. אָנגרייטן אויפֿסנײַ אָדער מער ווי מע דאַרף. א, מצות, מעד און ווײַן אויף פּסח. אונטערהונגערן אַ גאַנצע וואָך און א, אויף שבּת. ־ונג. אויך: איבּעראָנגרייט, דער.

איבּעראַנדערן — טרוו. אַנדער איבּער, ~ געאַנדערט. דזוו איבּעראַנדערשן. „מיר וועלן די וועלט ניט א', זי וועט זיך פֿירן אַזוי ווי זי האָט זיך געפֿירט„, ש. בּעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראַס, אַדעס 1887.

איבּעראַנדערשתג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבּעראַנדערשן (זיך). איבּערבּײַט, שינוי. „דער סך־הכּל פֿון די איבּערמאַכונגען, א'ען פֿון די פֿאַראַנענע...„, בּרידער גאָרדין, די טריאומפֿעדיע, ווילנע 1914. „מיר האָבּן אין זינען די רעוואָלוציאָנערע א, פֿון יִדישן שטייגער„, ימ, נײַס, 1922. „אַ דאָרשט נאָך אַ נײַ וואָרט, אַ פֿריש בּילד...אַן א, פֿון אַן אויסדרוק“, הר, פֿאַש, X 1952 12. אויך: איבּעראַנדערש, דער. „...וואַנדער פֿון אַ פֿײַנלעכן א'“, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי.

איבּעראַנדערשן — טרוו. ־ערש איבּער,

~געאַנדערשט. מאַכן אַנדערש, איבערמאַכן,
איבערבײַטן. א, דעם גאַנצן מענטש(ן). א, די
אַראַנזשירונג פֿון די בלומען. „ווען ער וועט
זיך באַקענען מיט פֿיל מענטשן, וועט ער
באַקומען פראַקטיקע און דאָס וועט אים
אינגאַנצן א,,, ש. ש. גרינפֿעלד, די ארמע
געבילדעטע, ווילנע 1896. „אַ פּאַרטיי וואָס וויל
א, דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן,,, זשיט ▯ I,
1904. „די סיסטעם און דער סדר אין לערנען
די העברעאישע גראַמאַטיק דאַרף אויך
איבערגעאַנדערשט ווערן,,, ימ, איינהייטלעכע
פֿאָלקשול, 1922. „דאָס לעבן אַליין און די האַרטע
דערפֿאַרונג קענען אַמאָל א, אַ כאַראַקטער“,
דעך לעבעדיקער, פֿאַש, 7 XII 1951.
מיט ז י ך — 1. רעפֿל. “הערש־בער האָט
דאָ גאַנץ פֿײַן פּרנסה, נאָר ער האָט זיך שטאַרק
איבערגעאַנדערשט,,, שע, מאָטל. „סאַלטשע זעט
אויס גוט און האָט זיך בכלל
איבערגעאַנדערשט, צוריק אַ מענטש געוואָרן,,, ספּ,
סודות. „ווי אַזוי עפּעס אויסצוטראַכטן...זי זאָל
קענען זיך אַליין א'“, ראַבאָי, אייגענע ערד.
2. אוטוו. פֿון זיך, אָן קלאָרער כוונה ווערן
אַנדערש. “אַלץ האָט זיך איבערגעאַנדערשט,
אַפֿילו בײַ...דער מלמדקע אין הויז אויך“, ספּ,

ייִדישער קאָלאָניסט. „די וועלט אַנדערשט זיך
איבער און מיר בלײַבן בײַ די אַלטע אידייען„,
רייד.

איבעראַנדערשער — דער, ־(ס). וונ נב.
ווער עס אַנדערשט איבער. „מיט א, זאָלסטו
זיך ניט מישן“, תּי, משלי, כד, 21. „אַ
רעפֿאָרמאַטאָר, אַן א, פֿון שפּיל, שטייגער און
געשמאַק“, ש. ביקל, טמז, 26 ▯ 1964 III.

איבעראַנדערשקייט — די (דאָס), ־ן. זייער
בולטע, שטאַרקע אַנדערשקייט, וואָס איז איבער
דער מאָס. „איך האָב ניט מורא פֿאַר
אַנדערשקייטן, אָבער מיר געפֿעלט ניט קיין א׳“, רייד.

איבעראָנזעטיקן — טרוו. איצ, אימפּ נב;
~אָנגעזעטיקט. אָנזעטיקן איבער דער מאָס.

איבעראָנשטאָפּן

-- ▯

א, די קינדער מיט צו פֿיל זיסיקייטן. א, אַן
עסיי מיט צו פֿיל מליצה. „האָט דאָך זײַן לשון
געדאַרפֿט איבעראָנגעזעטיקט ווערן מיט...
שורשדיקן סעמיטיזם„, ב. ריווקין, פֿאַש, 1950 ▯ י 12.

איבעראַנטוויקלונג — די, ־ען. צו גיכע,

צו שטאַרקע אַנטוויקלונג, וואָס איז איבער דער
מאָס, מער ווי מע ריכט זיך. „פּריצײַטיקע
גײַסטיקע א, קען זײַן אַזוי שעדלעך ווי ריין
פּיזישע א'‟, רייד. ~אַנטוויקלט — אַדי,
פאַר איבעראַנטוויקלען. אַן א'ער אָפּצווײַג פֿון
דער אינדוסטריע. „א'ע מוסקלען זײַנען נאָך ניט
קיין באַווײַז אַז דער מענטש איז טאַקע אַ
געזונטער‟. „דאָס א'ע פֿאַנטאַזיע־לעבן קען
שפּעטער ווערן אַ שטערונג פֿאַרן צופּאַסן זיך צו
דערווירקלעכקייט„, פֿגעז, פּאַריז 1949, No
10־11. —קייט. איבעראַנטוויקלען (זיך).
איבעראַנט(ע)רירן — טרוו. ־ריר איבער,
~אַנט(ע)רירט. (שנײַדערײַ, גאַליציע)
איבערגיין מיט דער נאָדל איבער אַ נאָט, מע זאָל
ניט דערקענען דאָס געניי. איבערציִען אַ נאָט.
א, אַלע נעט.
איבעראַנטקעגן, ־דיק — דזוו אַנטקעגן,
אַנטקעגנדיק. א'דיקע ווינקלען.
איבעראַנײַ'ס — אַדוו. 1. ווידער, נאָכאַמאָל.
א, בעטן אַ נדבֿה. זאָגן א, דאָס זעלביקע.
אָנהייבן דעם קאָן א'. „די מענטשן וואָס שטייען
אויף פֿאַרטאָג דאַרפֿן וויסן, אַז עס ווערט טאָג
מוזן זיי זיך א, וואַשן, רק אָן אַ ברכה ,
שולחן ערוך, ח"א [אָנהייב 19. י„ה,

זשאָלקעוו]. ,,אַז ער באַטראַכט זיך נאָך דער ברכה
נאָך קליידער אָנצוטאָן, דאַרף ער איבער די
איבעריקע א, אַ ברכה מאַכן,,, לט2, כ/א. ,,אַ
בוים וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן און האָט
אָנגעהויבן צו שפּראָצן א'...,,, זרעיס, נא/ב.
,,אַז זיי זענען שוין געווען גרייט צו דער
נסיעה...האָט זיי אָנגעיאָגט אַ מענטש און זיי
איבערגעגעבן א, אַ שיינע מטבע", שע, אַלט.ניי
כתרילעווקע. ,,כ'האָב צו דיר ערשט נעכטן
אַזוי גערעדט און וועל הײַנט עס רעדן א,,,,
אפּא, לויטעך...קוואַל.
2. פּונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער (נײַעם) אופֿן.
אַ כלל אַנטפּלעקט זיך א'. ,,איך האָב דערזען
דעם ים גאָר א'", רייד. ,,זײַן ב, גזלנים נאָך
גיקומן...אונ, האבין אין איבר אַנייז דער
טרענקט,,, 'שו,,ת מהרש,,ל', לובלין 1599 [הש
I]. ,,דאַרום וואַר הקב"ה צו (יהושע ער זאָל
פּריעה) מאַכן צו ישׂראל איבר איין נייאשׂ",
צאינה, קנג/ב. "ווידר דרוישׂ צו טרינקן אַזו
לאַנג ביז מן דאז כלי ווידר איבר אַניישׂ מאַכט",
לט1, ו/א.
־יק — אַדי. א'ע קריגערײַען און
אַמפּערנישן. א'ע באַמיאונגען.
אי'בער אַ נײַס — פּראַזע. איבער עפּעס

וואָס מע האָט געהערט אָדער געלייענט און וואָס איז נײַ(ס). זיך אַמפּערן א, אַ נ, אין דער צײַטונג.

איבּעראָנשטאָפּן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~אָנגעשטאָפּט. אָנשטאָפּן איבּער דער מאָס. א, די קישקע. א, דעם שטרויזאַק. „אין מזרחאייראַפּע, ווען ייִדן האָבּן גענומען אַרויסגעבּן צײַטונגען, האָבּן זיי געשריבּן אַ לשון וואָס

איבּעראָנשטענדיק

איז איבּעראָנגעשטאָפּט געווען מיט לשון־קודש“, בּ. ריווקין, פּאַש, 12 ▯ l950.

איבּעראָנשטענדיק — אַדי. זייער־זייער אָנשטענדיק, מער ווי מע ריכט זיך. „און ווי האָבּן זיך אויפגעפירט די קינדער? — זיי זײַנען געווען א'“, רייד. ־יקייט.

איבּעראָנשטרענגונג — די, ־ען. זייער גרויסע, שטאַרקע אָנשטרענגונג. „יעטוועדער אַנדער וועג [אין ספּאָרט] פירט צו אַן א'...און קען נאָך זײַן שעדלעך“, פגעז, ווילנע 1925, No 1. „בּין איך קראַנק געוואָרן פון גרויסער א',„ מוק, מײַנע בּאַגעגענישן.

איבּעראָנשטרענגען — טרוו. ~

אָנגעשטרענגט. אָנשטרענגען אין אַ גרויסער מאָס, מער ווי מע דאַרף, ווי עס איז געזונט. א, די פּיס בײַם קריכן אויף אַ באַרג. א, די מוסקלען בײַ ניט־ראַציאָנעלער גימנאַסטיק. א, די אויגן בײַם לייענען. „...זיי זאָלן נישט צו פּיל א, זײַן השׂגה“, ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... אָפּט מיט ז י ך — א, זיך און געבן אַ גרויסע נדבֿה. א, זיך און קראַנק ווערן. „ווען דער הויכער בלוטדרוק דויערט אַ לענגערע צײַט, קען זיך דאָס האַרץ א, פֿון דער צו שווערער אַרבעט“ פֿגעז, ווילנע 1 1938, No.

איבער,

אָנגעשטרענגט — אדי. א'ע באַציאונגען.

־קייט.

איבעראַסיגנירן — טרוו. ־ניר איבער, ~ אַסיגנירט. 1. ווידער, פֿונדאָסנײַ אָדער אויף אַן אַנדער (נײַעם) אופֿן אַסיגנירן. א אַ געוויסע

,

-

פּאָזיציע אין בודזשעט. 2. אַסיגנירן מער ווי מע דאַרף. א, די סומע אויף צו ראַמען די

גאַסן פֿון שניי ־ונג.

—— .

איבּעראָפּ־ —— אַזוי ווי איבּעראויס־ ←.
דוגמאות: איבּעראָפּטאָן,
איבּעראָפּמאַכן, איבּעראָפּצ□ען,
איבּעראָפּשטימען.

איבּעראָפּהיטן —— טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
אָפּגעהיט. אָפּהיטן מער, שטרענגער ווי מע דאַרף,
ווי עס איז נייטיק. א, די בּיכער און קיינעם
ניט צולאָזן צו זיי. א, דאָס געזונט און כּסדר
לויפֿן צו דאָקטוירים. א, אַ קינד.

איבּעראַפּעלירן —— טרוו. ־ליר איבּער, ~
אַפּעלירט. נאָכן פֿאַרלירן אַן ערשטע אַפּעלאַציע
ווידער אַפּעלירן צו נאָך אַ העכערן געריכט.
,,ס'איז אַ פּרינציפּיעלער ענין וועגן
קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, א□אַפּעל□ □ דעם ענין
א‘‘ ־ונג. איבּע יע, די.
מע דאַר

.

איבּעראָפּשטימונג —— די, ־ען. אָפּשטימונג
צום צווייטן מאָל, ווען די ערשטע האָט ניט

געגעבן קיין קלאָרן רעזולטאַט, אָדער מע האָט
פּראָטעסטירט קעגן איר. „איך זעט, די א, האָט
געוויזן דאָס זעלביקע וואָס פֿריִער„.
ריידאי'בעראַקוראַ'ט — אַדי. איבערפּינקטלעך,
זייער אַקוראַט, מער ווי מע דאַרף. אַזוי א, אַז
ער קאָנטראָלירט יעדע זאַך אפֿשר צען מאָל.
־קייט.
איבעראַקטי'וו — אַדי. זייער אַקטיוו. זייער
טועריש, אונטערנעמעריש, טעטיק. „דאָס קיגד
איז שוין א', עס זיצט ניט איַין אויף אַ

רגע", רייד. אַן א'ער מיטגליד, אַ קאָכלעפֿל.
־קייט.
אי'בעראָקסי'ד — דער, ־ן. דזוו פּעראָקסיד.
יעדע פֿאַרבינדונג מיט זויערשטאָף, אָקסיגען,
וואָס האָט דעם מעגלעכסט גרעסטן
באַשטאַנדטייל פֿון אָקסיגען.
איבעראַקערן — טרוו. אַקער איבער, ~גד
אַקערט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל אַקערן. „ווען
דאָס פֿעלד איז זייער האַרט, מוז מען עס
אויפֿן פֿרילינג נאָכאַמאָל א'", מ. וועבער, דער
יודישער פֿעלדאַרבייטער, וואַרשע 1891. 2.

אַקערן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. "ווען איינער האָט געזייט תּרומה, איז אויב בשוגג — מוז ער א, (אַז עס זאָל ניט וואַקסן)", זרעים, פּ/א. 3. דורכאַקערן, אַקערן אַ סך אָדער ביזן סוף. א, אַלע פֿעלדער. „...זאָל וואושׂט [= וויסט] מאַכן אונ, זאָל זיא איבר אַקרין", שאַר, צט/ב. 4. איבערזוכן, שטאַרק זוכן און דערבײַ צעוואַרפֿן זאַכן. אויך אוטוו. א, (אין) אַלע שופֿלאָדן און ניט געפֿינען די שליסעלעך. א, (אין) צענדליקער ספֿרים צו דערגיין אַ תּשובֿה אויף אַ האַרבער קשיא. פֿרגל אויסאקערן, בּ2 ־ונג ־ניש. ־ער.

— . .

איבעראַקצענטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~אַקצענטירט. 1. אויף אַן אַנדער אופֿן אַקצענטירן, שטעלן דעם טראָפּ. דער פּראָצעס פֿון א, די העברעאיזמען. א, פֿון קאַפּאָ'טע אויף קאַ'פּאָטע. 2. צו פֿיל, צו שטאַרק אַקצענטירן, אַרויסהייבן, באַטאָנען, אונטערשטרײַכן בײַם רעדן. א אַ נײַעם פֿאָרשלאָג. א, דאָס אומגינצי,

קע און פֿאַרשאָטענען דאָס גינציקע. ־ונג — א, ווי אַ מיטל צו פֿאַרייִדישן אַנטלייִענע ווערטער. איבעראַקצענטירט — אַדי. א'ע

ווערטער. א'ער פֿאָרלייג.

איבעראַראַנזשירן — טרוו. ־זשיר איבער, ~אַראַנזשירט. אײַנאָרדענען, איבערשטעלן, אַראַנזשירן אויף אַן אַנדער (נײַעם) אופֿן. א, די בלומען אין זאַל. א, די קאָמפּאָזיציע פֿאַרן קלאַרנעט. ־ונג.

איבעראַרבעטן — טרוו. ־בעט איבער, ~ געאַרבעט. 1. אַרבעטן אַ סך, אַ לענגערע צײַט, איבער דער מאָס. א, אַ לעבן־לאַנג און בלײַבן אויף דער עלטער אָן אויסקומעניש. פֿיג. ,,אַ יונג אַ קוועקזילבער! וואָס ער אַרבעט עס איבער אין איין טאָג!,,, רייד. ,,אַ קלייניקייט האָט דעמאָלט שפּרינצע איבערגעאַרבעט! ער האָט שפּעטער גאַנץ גוט געהערט וואָס זי האָט איבערגעאַרבעט,,, פּרץ, ,דער משולח,. *א, און אײַנלייגן וועלטן.

2. באַאַרבעטן רוישטאָף צו קריגן אַ נײַעם מאַטעריאַל אָדער פּראָדוקט. א, אײַזנאַרץ אין שמעלצאײַזן, א, רויאײַזן אין שמידאײַזן. א, זאַמד אין גלאָז. א, האָלץ אין פּאַפּיר. א אַלטע ,
שמאַטעס אין צײַטונג־פּאַפּיר אאַזוו.

3. פֿונדאָסנײַ אַרבעטן איבער (אויף) אַ מאַטעריאַל און זיך מיִען צו באַקומען אַ בעסערן א

פּראָדוקט. א, פּעלן, די לעדער זאָל זײַן בעסער. א, די לעדער, מער אויסווייקן און ווייכער מאַכן.

4 איבערגיסן, איבערשמידן. א, אַ גאָלדן רענדל אין אַ פֿינגערל. „דאָס צירונג גיט מען

איבעראַרבעטן זיך

צו אונדזער גאָלדשמיד א, — און דענצמאָל אַפֿילו ת„ק פֿײַגן דער וועלט", ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. „געווען אַ בעל־מלאָכה, איך האָב אַליין אים געגעבן א, אוירינגלעך„, ש. בערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו 1884.

5. איבערמאַכן בײַ יעדער אַרבעט. א, דאָס הויז. א, די מאַרינאַרקע און פֿאַרריכטן די אַרבל. א, דעם מאַנטל, איבערדרייען פֿון דער לינקער זײַט אויף דער רעכטער. „...לאָזן א, נאָכן הײַנטיקן זשורנאַל", ב. זילבערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885. א, אַ זומער־היטלע. א, די כאָלעווקעס. א, די חלה, איבערקנעטן און איבערדרייען די פֿלעכטלעך.

6 פֿאַרדײַען; אָרגאַניש פֿאַרוואַנדלען לעבנס.

שטאָפֿן. דער מאָגן אַרבעט איבער אונדזער
שפּײַז. די בלעטער אַרבעטן איבער דעם
קוילנזויערשטאָף.

7. בײַטן און מאַכן בעסער (ערגער). די
סבֿיבֿה אַרבעט אונדז איבער. „אַ ביסל
פֿאַרלאָז איך זיך אויף דער נאַטור: זי דאַרף אַליין
א',,, שע, יוגנט־ראָמאַנען. „זיי זענען שוין
פֿאַרפֿאַלענע 'קאַליקעס'. אַזוי זענען זיי און מע
קאָן זיי שוין ניט א',,, טמז, 1965 ◻ 15.

8 פֿאַרריכטן; איבעראַנדערשן;
איבערפֿאָר.

מולירן כּדי צו מאַכן בעסער, צוצופּאַסן צו די
צילן וואָס מע שטעלט זיך. א, די קאָמפּאָזיציע,
שטודיע, דעם עסיי אאַזוו. מענדעלע
מוכרספֿרים האָט איבערגעאַרבעט זײַנע ווערק. א,
די קאָנסטיטוציע, דאָס קרימינעלע געזעצבוך
אע. „אויב מע דאַרף עפּעס פֿאַרריכטן אָדער
א', זעט אַז עס זאָל שוין איצט געמאַכט
וערו,,, פֿאָר, 1964 ◻ יפ 28. I. איבערפֿורעמען.
א, דעם ראָמאַן אין אַ פּיעסע. א, אַ פּיעסע
צום פֿילמירן, פֿאַר דער טעלעוויזיע. ()10.
איבערמאָדעלירן. א, די סטאַטועטקע.

11. אַריבערפֿירן אין אַן אַנדער בחינה,
ברענגען צו אַן אַנדער מדרגה (געווייניטלעך אויף

העכער). „תּורה החבֿ„ד איז...דער פֿאַרשטאַנד
זאָל א, די מידות שבלבֿ", לדבֿ. "דער צדיק...
הייבט אָן צו אַרבעטן, ביז ער איז מהפּך
מידתהדין לרחמים...אַז ער אַרבעט דאָס גוט
איבער...", ,גדולת ר, וואָלף, [יפּ].
—ונג — „אַזאַ א, אינעם בלאַט: דער
כלאָראָפֿיל...אַרבעט איבער די קוילנזויער אויף
קראָכמאַל", דאָס פּפֿלאַנצענלעב□ו, וואַרשע 1899.
„„בעמק הבכא אַן אויטאָריזירטע א, פֿון
, —
'ווינטשפֿינגערל',„ בעמ III. איבעראַרבעט
— די. „פּוסט־און־פּאַסעווען...אויף איין זײַט,
און נויט און א, פֿון דער אַנדערער זײַט„,
בּ פֿײַגענבויס איבז, בעבעל, די פֿרוי און
סאָ.
ציאַליזם. אויך מיטן בּ: איבערשעהן,
איבערצײַט. „דאָס נײַע געזעץ ערלויבט א',
איבערשטונדן, דער אַרבעטער טאָר זיך פֿון זיי ניט
אָפּזאָגן„, בונד, וואָס ווילן די
סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד, זשענעוו 1899.
יבעראַרבעטן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.
זיך אַליין איבעראַרבעטן צו ווערן אַנדערש
(בעסער). זיך נעמען אין די הענט אַרײַן און
זיך א'. 2. אוטוו. אַרבעטן מער ווי מע קען,

ווי די כּוחות סטײען, ווי מע מעג פֿאַרלאַנגען.
א, זיך און אָנווערן די כּוחות. א, זיך און ווערן

איבּעראַרבּעטער

אַ שמאַטע. 3. ווערן אַנדערש (בּעסער) זיך
צופּאַסנדיק צו נײַע בּאַדינגונגען. "די גריבּער
מוזן אַ געוויסע צײַט שטיין אויסגעגראָבּענע,
כּדי די ערד זאָל זיך קענען א',,, מ. ווערלער,
ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.
איבּעראַרבּעטער — דער. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס אַרבּעט איבּער. ,,מיר זײַנען די
אײַנזאַפּערס פֿון כּלערליי קולטורן און זייערע א'ס",
ימ, קוד, 1938.
איבּעראָרגאַניזירן — טרוו. ־זיר איבּער,
~אָרגאַניזירט. פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער
(נײַעם) אופֿן אָרגאַניזירן. א, די גאַנצע אַרבּעט.
א אַן אַמט. ,,ווייל מען ראַטעווען די ייִדישע

,
שולן, דאַרף מען זיי א',,, ימ, צײַט, שאַוול
l924. ,,די פֿאַבּריקאַנטן זײַנען
אויפֿגעפֿאָדערט איבּערצואָרגאַניזירן זייערע
לאַבּאָראַטאָריעס,,, פֿאָר, 29 1965 I. ־ונג.
איבּעראָרגאַניזירט — אַדי. א'ע קאָלעקטיוון,

אַנשטאַלטן אאַזוו ־קייט.

.

איבעראַרגומענטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~אַרגומענטירט. 1. אַרגומענטירן, ברענגען ראַיות וועגן אַן ענין אויף אַן אַנדער (נײַעם) אופֿן. ,,איר זײַט ניט געוועזן באַוואָפֿנט מיט די נייטיקע פֿאַקטן און באַווײַזן. איר דאַרפֿט דעם גאַנצן ענין א',,, רייד. 2. ווידער, ווײַטער, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַרגומענטירן. איבערקײַען און א, אָן אַן ענד. ־ונג.

איבעראָרדענען — טרוו. אָרדן איבער, ~ געאָרדנט. אײַנשטעלן אַ נײַע אָרדענונג אַנשטאָט אַ פֿאַראַנענער. איבערסדרן. איבעראַראַנזשירן. א, די ביכער אין דער ביבליאָטעק. א, דעם שעהן־פּלאַן. ־ונג — ,,די דײַטשע היסטאָריקערס ווייסן אויף קלאָר זייער פֿליכט צוצושטעלן די היסטאָרישע מכשירים פֿאַר...דער הײַנטיקער מלחמה און פֿאַר דער א, פֿון אייראָפּע,,, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

איבעראָרטאָדאָקסיש — אַדי. זייער שטרענג אָרטאָדאָקסיש, מער (האַרבער) ווי בײַם דורכשניט אָרטאָדאָקסן. אַן א'ער רבֿ. אַן א, אופֿן פֿון היטן שבת. ־קייט.

איבעראָריענטירן — טרוו. ־טיר איבער,

~אָריענטירט. אָריענטירן, ווענדן, אײַנשטעלן
אין (אויף) אַן אַנדער ריכטונג. א, די גאַנצע
אויסערן־פּאָליטיק. א, די טאַקטיק פֿון דער
פּאַרטיי. א, די פֿאָרשונג פֿון ייִדיש. „עפּעס
דאַרף [דער ייִד] אין זיך, אין זײַן שטובֿ, אין
זײַן אַרום א'“, הל, טאָג, 1951 I 13. אויך
מיט ז י ך — א, זיך אין דער נײַ־געשאַפֿענער
לאַגע. „די גאַנצע עקספּערימענטאַלע
פּסיכאָלאָגיע...וועט זיך א'“, מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט. „די פֿרייִערדיקע קעגנער...האָבן זיו דאָרט
מיטאַמאָל איבעראָריענטירט“, באַש פֿאָר,
,
20 1965 II. ־ונג. איבעראָריענטאַציע,
די.
איבעראַרן ▯— אוטוו & אַקוזוו. אַר איבער,
~געאַרט. אוקר. איבערוואַרטן. א, דעם רעגן.
בלײַבן און א, אויף אים.
איבעראָרקעסטרירן — טרוו. ־ריר איבער,
~אָרקעסטרירט. אויף אַ נײַעם אופֿן

קעטטרירן, צוגרייטן די נאָטן פֿאַר די
אינסטרומענטן אין אָרקעסטער. ־ונג.

איבערבאַ־ — קאָמבינאַציע פֿון קאָנווערב איבער און ווערבאַלן פּרעפֿיקס באַ־. טרעפֿט זיך אין דער ריידשפּראַך אָפֿטער ווי אין דער געשריבענער. דער אינפֿיניטיוו (און די קומעדיקע צײַט), דער פּאַרטיציפּ (און די פֿאַרגאַנגענע צײַט) קומען אַרויס גרינגער און נאַטירלעכער ווי די איצטיקע צײַט און דער אימפּעראַטיוו.

איבערבאָברען — טרוו. ־רע איבער, ~ געבאָברעט. פּפֿ: ~באַברען, ל2. איבערזוכן, איבערנישטערן. א, אַלע בעבעכעס, איבערקערן האָרע־קאָרע און ניט געפֿינען. אויך מיט ז י ך — אוטוו. א, זיך א י ן אַלע בעבעכעס.

איבערבאַגײַסטערט — אַדי, פּאַר. באַגײַסטערט אין זייער אַ גרויסער מאָס, מער ווי מע דאַרף. „צום אָנפֿאַנג איז ער זייער באַגײַסטערט, א', כמעט פֿאַרשיכּורט„, אַבא גאָרדין, פֿאַש, 18 1952 I ־קייט. א, ווערן. אויך:

.

איבערבאַגײַסטערן (זיך). ־ונג.

איבערבאַגליקן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~באַגליקט. באַגליקן זייער שטאַרק, מער ווי מע קען זיך ריכטן. „אַזאַ ידיעה וועט אים א'„, רייד. ־ונג.

איבערבאַדינגען — טרוו. איצ, אימפּ נב;

~באַדונגען. באַדינגען פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א אַרויסהעלפֿערס. א, די פּרײַזן

,

פֿון די אַרטיקלען סחורה. אויך מיט ז י ך.
איבערבאָדן — טרוו. באָד איבער, ~געבאָדן.
1. באָדן אויפֿסנײַ. א, דאָס קינד. 2. אָפּבאָדן, באָדן אַ צאָל ביזן סוף. א אַלע קינדער פֿון

,

דער גרופּע. אָפּט מיט ז י ך. ־עניש.
איבערבאַדעק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערבאַדעקן. 2. מאַטעריאַל צום איבערבאַדעקן.
איבערבאַדעקן — טרוו. ־דעק איבער, ~ באַדעקט. 1. פֿונסנײַ, אויף אַן אַנדער (בעסערן) אופֿן באַדעקן. א, דאָס שלאָפֿנדיקע קינד. א, דעם דאַך. 2. צו פֿיל באַדעקן. א, דעם קראַנקן מיט עטלעכע קאָלדרעס. 3. אַרויפֿלייגן אַ באַדעק אויף עפּעס וואָס איז שוין צוגעדעקט. א, טייג מיט אַ קישן. א אַ בעט מיט שפּיצן.

,

אָפּט מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
איבערבאַהאַלטן — טרוו. ־האַלט איבער,
~באַהאַלטן. 1. אַוועקלייגן אין אַ ניַי
באַהעלטעניש. א, דאָס איַינגעמאַכטס, די קינדער זאָלן
ניט אויפֿנאַשן. 2. באַהאַלטן אויף אַ געוויסער
(קורצער) ציַיט. א אַ טרייפֿע זאַך, ביז ס'וועט

,

איבערגיין די רעוויזיע. 3. גוט באַהאַלטן.
באַוואָרענען. אויפֿהיטן. „אביר איר גרונד
פֿונדאַמענט...האשׂט דוא גאָט איביר בהאלטין, פֿאַר
צייכינט אין דיַין שריפֿט זיגיל דאשׂ דא היישׂט
אמת“, בע, כא, 2. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
איבערבאַוואוינט — אַדי. וואָס איז צו
געדיכט באַוואוינט, פֿון צו פֿיל מענטשן. א'ע
געגנט פֿון שטאָט. א'ע גאַסן. „האָבן באַוויזן
אַז די וואוינונגען זענען ענגע און א'ע“, 'טאָז',
שריפֿטן, וואַרשע 1929.
איבערבאַוואַסערן — טרוו. ־סער איבער,
~באַוואַסערט. פּפֿ. ־וועסערן. 1. ווידער,

.

איבערבאָטן

נאָכאַמאָל באַוואַסערן. א, דאָס פֿעלד. 2.

באַוואַסערן מער ווי מע דאַרף. א, איז ניט גוט
פֿאַר די גרינסן. ־ונג.
איבערבאַוואָפֿנט — אַדי, פּאַר ← דוווו. די
א'ע גרויסמאַכטן. ־קייט.
איבערבאַוואָפֿענען — טרוו. ־פֿן איבער,
~באַוואָפֿנט. 1. באַזאָרגן מיט אַנדערע אָדער
מער מאָדערנע כּלי־זין. א, אַ גאַנצע דיוויזיע.
2. באַוואָפֿעגען איבער דער מאָס. אויך מיט
ז י ך. ־ונג — „...אַ געװיען חשבון װעגן
דער סכּנה פֿון א'„ דער פֿרײַער געדאַנק, נ
ײַיוני 3 19.
איבערבאַווײַבּט — אַדי. שפּאַסיק. וואָס
האָט גלײַכצײַטיק מער ווי איין ווײַב. „ער איז אַן
א'ער, דאָס געריכט אָנערקענט ניט דעם גט
מיט דער ערשטער“, רייד.
איבערבאַווײַזן — טרוו. ־ווײַז איבער, ~
באַוויזן. 1. באַווײַזן נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער
אופֿן. א אַ געאָמעטרישע טעאָרעם אויף אַן
אַלגעבראַאישן אופֿן. 2. ברענגען צו פֿיל,
איבעריקע באַווײַזן. א, די שולד פֿון געמשפּטן.
אויך מיט ז י ד — 1. דזוו זיך אַרויסשטעלן.
זיך א, מיט פֿונדעווען די גאַנצע חבֿרה. 2. (
וועגן אַ פֿרוי) צו פֿיל אַנטבלויזן.

איבערבאָ זײַן — צזוו. סײ. דזוו
איבערקומען. קאַל װוב.
איבערבאַזעצן — טרוו. ־זעץ איבער, ~
באַזעצט. 1. באַזעצן נאָכאַמאָל, אויף אַ נײַ אָרט. ,,דער דעקרעט וועגן א, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן“, מוו, היטלערס פראָפּעסאָרן. 2. (אַקטיאָריש) איבערבײַטן די ראָלן. ־ונג — ,,עס וועט דורכגעפּירט ווערן אַן א, פֿון די קראָקעווער ייִדן,,, מרדכי וו. בערנשטיין, אַלענ, ייִדן ו.
איבערבאָט — דער, ־ן. אַקט אָדער קאָנקרעטער סכום פֿון איבערבאָטן. אַן א, אויף גאַנצע הונדערט דאָלאַר.
איבערבאַטאָנט — אַדי, פּאַר ← דוווו. אַן א'ע אָפּשאַצונג. ־קייט.
איבערבאַטאָנען — טרוו. ־טאָן איבער, ~
באַטאָנט. 1. צו שטאַרק באַטאָנען. ,,ביאַליק האָט...אַ שיין ביסל איבערבאַטאָנט דעם ווערט פֿון הלכה,,, גרינ, איד און וועלט. 2. באַטאָנען אַנדערש ווי פֿריִער. באַטאָנען די ריינשרײַבערישע מעלות פֿון אַ ווערק און דערנאָך א, די מאָראַלישע דערונטערדיקייט ־ונג
.
— “און דאָס איז די א, פֿון די דעסטרוקטיווע פונקטן פֿון דער אַנאַרכיסטישער פּראָגראַם“,

אבֿא גאָרדין פֿאַש, 9 1956 .III

,

איבּערבּאָטן — טרוו. בּאָט איבּער, ~
געבּאָטן. 1. פֿאַרלאַנגען אַ צו הויכן פּרײַז. א,
דעם פּרײַז אַז דער קונה זאָל זיך כאַפּן פֿאַרן
קאָפּ. 2. בּײַ אַ ליציטאַציע אָנבּאָטן פֿאַר עפּעס
אַ געהעכערטן אָדער צו הויכן פּרײַז. א אַלע

,

קויפֿערס און אַרײַנקריגן דאָס בּילד. „האָט ער
נאָר געהערט אַז עמעצער וויל עפּעס אַ קניה
מאַכן...אַזוי איז ער שוין געלאָפֿן און האָט
יענעם איבּער[גע]בּאָטן“, מ. מ. אויזערקים,
צעזייעט און צעשפּרייט..., לעמבּערג תּרס„ו. אויך
מיט ז י ך. ־עניש.

איבּערבּאַטראַכטן

איבּערבּאַטראַכטן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ;
~בּאַטראַכט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אַנדערש
בּאַטראַכטן. א, די פֿאָרשלאָגן. „ווירקן אַז די
קאָמיטע זאָל א, די אַמענדמענטס“, טמז,
.19 ׳י I 19 5

איבערבאַטרעסן — אַקוזוו. איץ, אימפּ נבֿ;
~באַטראָפֿן. 1. באַטרעפֿן מער ווי עס דאַרף
זײַן אָדער מער ווי מע ריכט זיך. די הוצאות
וועלן א'.... 2. באַטרעפֿן אין סך־הכל. „וויפֿל
וועט עס א, אַרום און אַרום?„
איבערבאַטשקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געבאַטשקעט. איבערזאָגן פּלאַפּלערײַען,
נאַרישקייטן, רכילות. א, פּוסטע, נאַרישע רייד.
איבערבאָכ(ק)ען — טרוו. ־כ(ק)ע איבער,
~געבאָכ(ק)עט. איבערקלאַפּן. ווידער,
נאָכאַמאָל אָנבוכען, אָנבוכצען. א, די זײַטן, די
ביינער. א, דעם יונגאַטש. ־עניש.
איבערבאַלאָטירן — טרוו. ־טיר איבער,
~באַלאָטירט. דורכפֿירן די אָפּשטימונג, די
באַלאָטירונג נאָכאַמאָל. א, (אַ פּאָ) קאַנדידאַטן.
„צוויי יאָר שפּעטער נאָך די וואַלן האָט מען...
געדאַרפֿט א'...דעפּוטאַטן„, בונד, ווי האָבן די
בעלגישע אַרבעטער געשטריטן פֿאַר דער
פֿרײַהייט, זשענעוו 1898.
איבערבאַלאַנסירן — טרוו. ־סיר איבער,
~באַלאַנסירט. 1. ווידער ברענגען צו אַ
גלײַכגעוויכט (אויף אַן אַנדער אופֿן). א, מיט
געוויכטן און ניט מיט שטיינער. א, די כּוחות

(אויפֿן פֿראָנט, אויפֿן שפּילפּלאַץ אע). 2. בוכהאָלטעריע) אַנדערש אויסשטימען דעם אַקטיוו מיטן פּאַסיוו. א, דעם בודזשעט. 3. מאַכן אַז דער אַקטיוו זאָל זײַן גרעסער ווי דער פּאַסיוו. א, דעם מלוכה־בודזשעט מיטן העכערן שטײַערן. ־ונג.

איבערבאַלאַקען — אוטוו & טרוו. ־קע איבער, ~(גע)באַלאַקעט. ווידער און ווידער באַלאַקען, סתּם אויף אַ לײַכטן אופֿן איבערשמועסן (זיך). א, (וועגן) דעם זעלביקן ענין. ־עניש.

איבערבאָלבען — אוטוו & טרוו. ־בע איבער, ~געבאָלבעט. איבערפּלאַפּלען, איבערפּלוידערן (מיט מער ביטול). א, (וועגן) דעם נאַרישן ענין. ־עניש.

איבערבאַלוינען — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~באַלוינט. באַלוינען מער ווי מע דאַרף, ווי עס קומט. א, עמעצן פֿאַר אַ קלײנער טובֿה. ־ונג.

איבערבאַלזאַמירן — טרוו. ־מיר איבער, ~(גע)באַלזאַמירט. באַלזאַמירן נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, דעם מת. ־ונג.

איבערבאַמ□ען — טרוו. באַמי איבער, ~באַמיט. צו שטאַרק באַמיִען. „איך רעכן אַז איך

וועל איך ניט א, מיט מײַן בקשה“, רייד.
מיט ז י ך. ־אונג. .
איבערבאַמקען, ~באָמקען — טרוו. ־קע
איבער; ~געבאַמקעט, ~געבאָמקעט. 1.
נאָכאַמאָל, זינגען אָן ווערטער באַם־באַם, באָם־באָם.
א אַ מעלאָדיע. 2. (פּעיאַ) נאָכאַמאָל
איבער,
חזרן. א, יענעמס רייד. ־עניש.

882

איבערבאַן — די, ־ען. דזוו אייבערבאַן,
איבערערדישע באַן פֿאָרן מיט אַלערליי באַנען:
.
מיט דער אונטערבאַן, מיט דער א'. “אַ פֿיל
שטאַרקערן רושם האָט אויף מיר געמאַכט דער
'על', די א, וואָס האָט געטראַסקעט איבער די
קעפּ,,, לע, טמז, 18 1964 XI.
איבערבאַנדאַ'זש — דער, ־ן. באַנדאַזש
געמאַכט איבער אַן אונטערשטן באַנדאַזש.
אַראָפּנעמען דעם א'.
איבערבאַנדאַזשירט — אַדי, פּאַר ← דוווו.
א'ע סאָלדאַטן וואָס קומען פֿון פֿראָנט.
איבערבאַנדאַזשירן — טרוו. ־זשיר איבער,

~באַנדאַזשירט. 1. איבערבינדן דעם אַלטן
באַנדאַזש אָדער אַרויפֿגעבן אַ נײַעם באַנדאַזש.
א, די צעבראָכענע האַנט. 2. דזוו באַנדאַזשירן.
א, די וואונד. ־ונג.
איבערבאַפּוצן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~
באַפּוצט. 1. פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל, אַנדערש
באַפּוצן. א, דעם זאַל. א, דעם טאָרט. 2.
באַפּוצן צו פֿיל, מער ווי מע דאַרף, ווי עס פּאַסט
זיך. א, די ווענט מיט צו פֿיל בילדער. מיט
ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
איבערבאַפֿעלקערונג — די, ־ען. צו
געדיכטע, צו גרויסע באַפֿעלקערונג (וואָס שטערט
דער אַנטוויקלונג פֿון לאַנד). „ווי ס'איז
באַוואוסט, איז די...א, אַ דירעקטער רעזולטאַט
פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג",
דניאלי, אונזערע קריטיקער, ווילנע 1906. „אויך
אַ צאָל ליבעראַלן האָבן מורא אָנצורירן די
דעליקאַטע פֿראַגע פֿון א,,,, פֿאָר, 15 1965 I.
איבערבאַפֿעלקערט — אַד , פּאַר ← דוווו.
וואָס האָט צו פֿיל אײַנוואוינערס. וואוינען אין
דער א'ער שטאָט ניו־יאָרק. די א'ע לענדער
ווי אינדיע און כינע. „דער ייִדישער
פּראָלעטאַר אַט וועלכער וואוינט אין די ערגסטע א'ע
י

לעכער“, ,טאָז,, שריפֿטן, וואַרשע 1929.
איבערבאַפֿעלקערן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~באַפֿעלקערט. באַזעצן צו געדיכט מיט
איינוואוינערס. מע דאַרף ניט א, די נײַע
געפּלאַנטע יִישובֿים. אויך מיט ז י ך.

-

איבערבאַסעסטיקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~באַפֿעסטיקט. 1 פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל,
אַנ.
דערש באַפֿעסטיקן. א, די פּאָזיציעס פֿאַרן
אָנגריף. 2. צו שטאַרק באַפֿעסטיקן, מער ווי
עס איז נייטיק. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
איבערבאַצאָלן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~באַצאָלט. באַצאָלן מער ווי מע דאַרף, ווי
עס קומט. א, אַ שיינע אַפּותּיקי פֿאַרן וואַלד.
־וננ.
איבערבאַקן
1. באַקן אויפֿסנײַ. א, דאָס
— טרוו. באַק איבער, ~געבאַקן
(~געבאַקט).
ניט־דערבאַקענע ברויט. 2. באַקן אַ סך אָדער
ביזן סוף. ,,וויי־ווײ, וויפֿל ברויט איך האָב
איבערגעבאַקן אין מײַן לעבן,,, רייד. 3. האַלטן

צו פֿיל אונטער דער היץ. האַלטן דאָס ברויט
צו לאַנג אין אויוון און עס א'. מיט ז י ך —
א, זיך אויף דער זון.
איבערבאָרגן — טרוו. באָרג איבער, ~
גערבאָרגט. 1. באָרגן צו פֿיל, צו אַ צו גרויסער

-

איבערבאַשעפּטיקן

צאָל מענטשן. א, די קונים און בלײַבן מיט
ליידיקע פּאָליצעס. 2. באָרגן אַ סך מאָל, אַ
לענגערע צײַט. „אַ סך געלט איבערגעבאָרגט
און ברוך־השם באַקומען צוריק„„ רייד.
איבערבאַדעדן — טרוו. ־רעד איבער, ~
באַרעדט. פּפֿ: ~באַריידן. 1. צו שטאַרק,
צו פֿיל באַרעדן. „מילא, באַרעדן איז אַ
שוואַכקייט, אָבער א, איז שוין ניט שיין“, רייד.
2. איבערשמועסן, איבערטראַכטן, זיך ווידער
מיישבֿ זײַן. א, אַן ענין צום ווי־פֿלטן מאָל.
־עכ ן. ־עניש.
איבערבאַרעכענען — טרוו. ־רעכן איבער,
~באַרעכנט. פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל באַרעכענען.
א, דעם חשבון. א, דעם גאַנצן פּלאַן. אויך מיט
ז י ך — איבערטראַכטן. ־ונג.

איבערבאָרען — טרוו. ־רע איבער, ~ געבאָרעט. בײַקומען אין געראַנגל אָדער אין פֿאַרמעסט. א, דעם קעגנער. מיט ז י ו — 1. זיך ראַנגלען מיט אַ צאָל. א, זיך מיט אַלע יינגלעך. 2. ווידער, נאָכאַמאָל זיך באָרען. „לאָמיר זיך א', דאָס ערשטע מאָל רעכנט (ציילט) זיך ניט". ־עניש.

איבערבאַרשטן — טרוו. באַרשט איבער, ~געבאַרשט. 1. איבערפּוצן מיט אַ באַרשט. א, די פֿאַרשטויבטע קליווער. „מע קען מאַכן די וואָלענע סוועטערס צוריק גלאַט, ווען מע וועט זיי אַ ביסל א'„ פֿאָר, 28 1964 I. 2. איבערקאַלכן, איבערפֿאַרבן (ניצנדיק אַ באַרשט). א, די ווענט אויף יום־טובֿ. 3. באַרשטן אַ סך אָדער ביזן סוף.

-

איבע שאַסן — טרוו. ־שאַף איבער, ~ באַשאַפֿן. באַשאַפֿן, געשטאַלטיקן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. „מיר קענען ניט א, די מענטשן", נאַד. "דער גאָט פֿון פֿאַרטיי און פֿון אידעאָלאָגיע האָט אים א'„ דר, ש. ביקל, טמז, 3 l965 XI. איבערבאַשאַ ;. ־ונג.

איבערבאַשטימען — טרוו. איצ, אימפּ נב;

~באַשטימט. באַשטימען פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, ווער מיט וואָס זאָל זיך פֿאַר נעמען, ווער עס זאָל טראָגן די אַחריות. ־ונג. ־ער — „ווער האָט זיך געמאַכט פֿאַר אַן א?„„ רייד.

איבערבאַשטעטיקן — טרוו. איצ, אימפּ נב;
~באַשטעטיקט. ווידער, נאָכאַמאָל באַשטעטיקן; באַשטעטיקן אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די פֿריִערדיקע החלטות. ־ונג.

איבערבאַשטראָפֿן — טרוו. איצ, אימפּ נב;
~באַשטראָפֿט. 1. ווידער, פֿונדאָסנײַ באַשטראָפֿן. א, דעם גאַנצן קלאַס פֿאַר די נײַע טומלענישן. 2. צו שטאַרק באַשטראָפֿן. א, פֿאַר גנבֿענען אַ ברויט. ־ונג.

איבערבאַשייר — דער, ־ן. טיפֿערער באַשייד. צווייטער צוגאָב־באַשייד. „מע באַקומט פֿונעס חלום אַ באַשייד וואָס קלעקט, דוכט זיך, און פֿאָרט פֿאַרזעט מען אַן א, וואָס קען נאָך געמאָלט זײַן„, מוו איבז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פסיכאָאַנאַליז.

איבערבאַשעפֿטיקן — טרוו. איצ, אימפּ נב;
~באַשעפֿטיקט. צו שטאַרק, צו פֿיל באַשעפֿטיקן. א, די קינדער מיט כלערליי צוגאָב־

אַראיבערבדקע(נע)ן

בעטן. „אַן איבערבאַשעפֿטיקטער, האָב איך ניט
קיין רגע רו„, רייד. „דער דאָקטער איז
איבערבאַשעפֿטיקט, כּדי צו [קענען] ענטפֿערן אויף
פֿראַגעס“, דר, י. בּ. גלען פֿאָר, 1965 XI 1.
—
,
־ונג — „די הויפּטפּראָבלעם...איז די א',„
טמז, 5▯19 ▯ 14.
איבערבדקע(נע)ן, ־קעווען — [...באַדקע...]
טרוו. ־קע(ווע) איבער; ~געבדקע(ווע)ט, ~
געבדקנט. ווידער, נאָכאַמאָל בדקען. ←
אויסבדקע(נען)ן.
איבערבודזשעטירן — טרוו. ־טיר איבער,
~בודזשעטירט. 1. צונויפֿשטעלן דעם
בודזשעט פֿונדאָסניַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. „דאָס
מיניסטעריום פֿאַר ייִדישע ענינים באַשטעטיקט
ניט איַער קהילה־בודזשעט און איר האָט אַ
חודש צײַט אויף א, הן די הכנסה הן די
הוצאה“, אָנהייב 20ער יאָרן אין
אומאָפּהענגיקער ליטע. 2. אַרײַננעמען אין בודזשעט
גרעסערע סומעס ווי מען איז דערצו באַרעכטיקט.
א, די פֿאָרויסגעזעענע הכנסה. ־ונג.
איבעדבוטלעווען — ־לעווע איבער, ~

געבּוטלעוועט. טרוו — איבּערגיסן פֿון איין בּוטל אין אַן אַנדערן. „אַז מע שטעלט מעד אָדער ווײַן טאָר מען ניט א,,,, רייד. ◊ וטוו — אַריבּערגייִן פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. „זיץ אײַן, בּוטלעווע ניט איבּער!,,, רייד.

איבּערבּוי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערבּויען. גרינטלעכער פֿונדאַ,

מענטאַלער א'. „דער געדאַנק פֿון אַ ייִדישן עקאָנאָמישן א, אין חוץ־לארץ“, גרינ, איד און וועלט. „עס איז געווען אַ מין ישיבֿה וואָס האָט צוגעגרייט יונגע מענטשן פֿאַר דעם א, פֿון דעם ייִדישן לעבּן“, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן. א'־פּראָצעס. 2. אייבּערבּוי. געבּײַ, סטרוקטור וואָס איז איבּער אַן אַנדער יסודיק געבּײַ. דער טעאָרעטישער א, אויף דעם עקאָנאָמישן יסוד. „בּויט מען אויף...אַ נײַע פֿעסטונג, אַ טראַנסצענדענטאַלן א, וואָס הייבּט זיך אויף אין די העכסטע רעגיאָנען פֿון דעם מענטשלעכן שׂכל“, זשיט III, נ,,י 1912.

איבּערבּויגן — נר. ← איבּערבּייגן.

איבּערבּויטען — טרוו. ־טע איבּער, ~ געבּויטעט. איבּערטרייסלען, איבּערמישן מיט עפּעס. „ווער האָט דיך געבּעטן א, די זויער

מילך און צעבויטען די גאַנצע שטיקער?,,, רייד. איבערבויען — טרוו. בוי איבער, ~געבויט.
1. בויען אַ געבײַ אינגאַנצן אָדער טיילווײַז אַנדערש, לויט אַ נײַעם פּלאַן אָדער פֿון אַנדערע מאַטעריאַלן. א, אַ (פֿליגל פֿון) אַ הויז. צענעמען דעם הילצערנעם פּאַרק(אַ)ן און אים א, פֿון שטיין. א, אַ גאַנצן קוואַרטאַל. ,, צוליב דער געזונטקייט...מוז מען נייטן די הויזבאַזיצער איבערצובויען זייערע אַלטע הײַזער וועלכע האַלטן בײַם אײַנפֿאַלן,,, בונד, וואָס ווילן די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד , זשענעוו 1899. 2. (מאַכן אַ רעמאָנט און אײַנשטעלן אַ פּאַראַנענעם בנין פֿאַר אַ נײַעם ציל. קויפֿן אַ בנין און א, פֿאַר אַ שול. ,,מן זאָל ניט איבר בויאן איין הויז וואז איין (בית־המדרש) איז גוועזן, דען דשׂ אָרט איז

הייליג,,, ספֿר חסידים, אָרט? תּק,,ז? ,,אין דעם יאָר האָבן די בעלי־בתּים פֿון דער מיל איבערגעבויט די מיל אויף וואַלצן“, לדב, 244.
3. צוגעבן אַן אַנדער פֿורעם. א, די גרויסע פּאָעמע, די דראַמע. א, דעם עסיי. 4.

איבערגעשטאַלטיקן, פֿאָרמירן לויט נײַע אידייען אע.
א, די געזעלשאַפֿט. א, דעם לעבנס־דרך. „איין
דור וועט צעשטערן, דער צווייטער וועט בויען,
דער דריטער וועט קלערן ווי איבערצובויען„,
סעג, 'אויף אונדזערע ביינער'. „מרדכי קאַפּלאַן,
אין בוך 'יידנטום ווי אַ ציוויליזאַציע',...[ברענג]
אַ פֿאַרזוך איבערצובויען דאָס אַמעריקאַניש־
יידישע לעבן“, קאַר II. 5. אָרגאַניזירן אויף אַ
נײַעם אופֿן. א, דעם פֿאַראיין. א, די אינדוסטריע
אין מלחמה־צײַט. 6. בויען אַ סך אָדער ביזן
סוף. וויפֿל הײַזער דער אַלטער בוימײַסטער האָט
שוין איבערגעבויט!
מיט ז י ך — 1. רעפֿל. „נישט סתּם בויען
דאָס לאַנד איז געווען די אידייע פֿון דער
צווייטער עליה, נאָר זיך אַליין א'...לבֿנות
ולהבנות“, אפֿא, טמז, 2 .14 1965 I. מיט ב
פֿו פֿאַסיוו. אַ גאַנצע גאַס בויט זיך איבער.
„קיינמאָל האָבן יידישע שפּיטאָלן זיך ניט
איבערגעבויט אַזוי ברייט ווי איצט„, ב. סמאָליאַר,
פֿאָך, 6 I 1965.
־אונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבערבויעריש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר (אין דער טבֿע פֿון) אַן

איבערבויער. „סוף פֿאַרגאַנגענעם און אָנהייב דעם
י„ה איז אויפֿגעקומען אַ מערקווערדיקער דור,
אַן ענערגישער, בויערישער, א'ער דור“, ימ,
קוד, 1950. ־קייט.
איבערבויערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געבויערט. 1. אויפֿסניי בויערן, מאַכן לעכער,
אויסהוילונגען. א, און אַרײַנהאַקן אַ פֿעסטערן
קלין. 2. בויערן מער וויפֿל מע באַדאַרף. א,
דעם צאָן. 3. צו שטאַרק נגען, צושטיין,
פֿאַרנודיען. „ער האָט מיך אַזוי איבערגעבויערט,
אַז איך האָב אים שוין אַלץ נאָכגעגעבן„, רייד.
־ונג.
איבערבוכן — טרוו. בוך איבער, ~געבוכט.
(בוכפֿירונג) פֿאַרשרײַבן אין אַ בוכהאַלטעריש
בוך אויף אַן אַנדער, נײַעם אופֿן. א, עטלעכע
אָפּעראַציעס. ־ונג.
איבערבוכצען — דזוו איבערבאָכ(ק)ען ←.
איבערבולט — [...בוילעט] אַדי. זייער שטאַרק
בולט. אַן א'ער אַרויסווײַז פֿון עגאָאיזם ־קייט.

.

איבערבתד — דער, ־ן. דזוו איבערבינד.
אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערבינדן. דאָס
מיט וואָס מע בינדט איבער. „אין עטלעכע טעג
אַרום, אַז די ערד זעצט זיך אָפּ אַ ביסל [פֿון

אַרומשיט אַרום דעם פֿריש־אײַנגעזעצטן ביימל]
רוקט מען איבער אַ ביסעלע דעם ערשטן א'“,
מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע
1900. „פֿון דער...קעלט זײַנען די האָלץ־
שײַטלעך דאָפּלט שווער און דער שטרויענער א, איז
באַדעקט מיט אײַז, חג, טמז, 2 1962 XI.
איבערבונטעווען — טרוו. ־טעווע איבער,
~געבונטעוועט. אויפֿהעצן אַ צאָל
אַרויסצוגיין אין (אָנצוהייבן) אַ בונט. א, די פּויערים

איבערבייג

אין אַלע אַרומיקע דערפֿער. מיט ז י ך — זיך
בונטעווען און אויפֿהערן. זיך א, און זיך
פֿונאַנדערגיין.
איבערבוצקען זיך — קזוו. ־קע זיך איבער,
זיך ~געבוצקעט. פּפֿ: ~בוטשקען זיך.
1. בוצקען זיך, שטויסן זיך אויפֿסנײַ. 2. מאַכן
אַ סוף צום בוצקען זיך. א, זיך און ווערן ווידער
חבֿר. ־עניש.
איבערבורטשען — ־טשע איבער, ~
געבורטשעט. טרוו — ווידער, נאָכאַמאָל

אַרויסבּרענגען קלאַנגען, זאָגן עפּעס אומקלאָר אָדער אומצופֿרידן. א, דעם זעלבּיקן ענטפֿער. אויך מיט ז י ך. אוטוו פֿאַרענדיקן בּורטשען.
-
א, און ווערן שטיל. ־עניש.
איבּערבּורען — ־רע איבּער, ~געבּורעט.
אוטוו — 1. בּורען צו לאַנג, צו פֿיל. כּסדר א, ווי אַ וואַסערפֿאַל. 2. אויפֿהערן בּורען.
דאָס סאָדעוואַסער האָט שוין איבּערגעבּורעט.
טרוו — דזוו אויפֿבּורען (←.), אונטערבּורען (←.), נאָר נאָכאַמאָל, ווידער, פֿונדאָסנײַ.
איבּערבּושעווען — אוטוו. ־שעווע איבּער, ~געבּושעוועט. אַ לענגערע צײַט בּושעווען.
,,וואָס די שיכּורים האָבּן איבּערגעבּושעוועט אין שענק‘‘, רייד. מיט ז י ך — אויפֿהערן בּושעווען.
איבּערבּטוה — [...בּאָטואַה אַדי. זייער זיכער, מער ווי זיכער. ,,איך בּין א, אַז ער וועט האַלטן וואָרט‘‘, רייד.
איבּערבּטל — [...בּאַטלען —טן פֿוו אַ בּט ־
ן
ן
] דער, ־ים [...בּאַטל
ני]. דער וואָס האָט אייגנשאַפּ

אין אַ גרויסער מאָס, מער ווי געוויינלעך בײַ אַ בטלן. „אַ רבֿ אַן א', ער ווייסט אַפֿילו ניט ווי עס הייסט דאָס שטעטל וואו ער איז רבֿ“, רייד.

איבערבטלען — [...באַטלען] אַקוזוו. בטל איבער, ~געבטלט. בלויז אין פֿאַרבינדונג מיטן וואָרט צ ײַ ט אָדער אַן אָפּשניט פֿון צײַט. פּטרן צײַט מיט גאָרנישט טאָן אָדער מיט אומנייטיקער טואונג. א, די צײַט. א, אַ חודש אין אַ פּיצעלע שטעטל. א, צוויי שעה, מישנדיק אַלטע אילוסטרירטע זשורנאַלן.

איבערביגלען — טרוו. ־גל איבער, ~ געביגלט. דטשמ. (פֿאַרשפּרייט אין שעפּער פֿון אַמעריקע). איבערפּרעסן. א, דעם סוט; א, אַ דרעסקע.

איבערבידעווען — אַקוזוו. ־דעווע איבער, ~געבידעוועט. אַ לענגערע צײַט בידעווען. איבערקומען אַ שלעכטע צײַט. א, אַ לעבן־לאַנג. איבערבידעווען די פּאָר יאָר און דערנאָך זיך אַריבערפּעקלען אויף יענער־וועלט. „א, דעם ווינטער. זומער געפֿינט אויך אַ ווערעמל פֿאַר זיו וואָס צו עסן„, רייד.

איבערביטן — טרוו. ביט איבער, ~געביט(ן). פּר, אוקר. 1. דזוו איבערבאָטן (←).

אויסבּיטן מער וויפֿל ס'איז פּאַסיק, נייטיק. 2. אַ
צווייט מאָל בּעטן קומען צו גאַסט. א, די
מחותּנים, זיי זאָלן דאָך קומען צו דער שׂמחה.
איבּערבּייג — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבּערבּייגן. ,,...זײַנען מעגלעך א'ן

איבּערבּייגן

און אָפּנייגן, נאָר מע מוז שטענדיק פֿאַרשטיין
אונטערצושיידן די פּראַקטיק פֿון דער ליניע,,,
סאָוו, היימלאַנד, 5 1965, No.
איבּערבּייגן — טרוו. בּייג איבּער, ~געבּויגן.
1. בּייגן בּיזן סוף. א, אַ טשוואָק. 2. בּייגן
אויפֿסנײַ, עס זאָל זײַן מער געבּויגן. א אַ

,

צווײַג כּדי אַראָפּצורײַסן די פּירות. 3. בּייגן
צו פֿיל. ,,אַז מע בּייגט איבּער, בּרעכט זיך,,,
שוו. *א, דעם שטעקן = זײַן צו עקסטרעם.
4. בּייגן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג עפּעס
וואָס איז שוין געבּויגן. א, דעם שטאַנג, דאָס
צווײַגל אאַזוו. 5. פֿיג. משפּיע זײַן, ווירקן צו
בּײַטן אַן אײַנשטעל, אַ מיינונג.
אַריבּערגעווינען. ,,מיט אָט די רייד האָט ער
איבּערגעבּויגן די מערהייט אויף זײַן צד,,, רייד. *א,

דעם שטעקן אויף דער אַנדערער זײַט =
ראַדיקאַל בײַטן די אייגענע מיינונג; אַריבערגיין
צו אַן אַנדער עקסטרעם.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
איבערבייגן זיך — ← דפּוו. 1. ווערן
איבערגעבויגן. דער טשוואָק בייגט זיך איבער.
2. זיך שטאַרק אײַנבייגן. „[ע] האָט זיך
איבערגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן‚„ אָפּאַ,
אַ שפּיל'. „די יונגע מאַמע...טוליעט דאָס קינד
,

צו זיך, בייגט זיו איבער צו דעם, שעפּטשעט‚„
סאָוו, היימלאַנד, 3 .5 1965, No. אײַנגעבויגן
ווערן. א, זיך אויף דער עלטער. 4. בײַטן
די מיינונג. צושטימען צו עפּעס וואָס מען איז
פֿריִער געווען קעגן דעם. א, זיך צו דער
מערהייט.
איבערבייזערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געבייזערט. מאַכן (זייע) בייז. „קעגן מאַן...
אַרויסטרעטן וויל זי ניט, א, אים קען זי נישט,
קען קיין הויך וואָרט קיינמאָל נישט רעדן‚„
פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
מיט ז י ך — זיך בייזערן און אויפֿהערן,
פֿאַרלירן דעם כּעס. „אײַ זי וועט זיך אַ ביסל

בייזערן, וועט זי זיך א'״, ש. ב., די רײַזע
אין אַפֿריקע, ווילנע 1898.
איבערבײַט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערבײַטן. אַ האַסטיקער,
פּאַמעלעכער א'. א, פֿון דעקאָראַציעס. א, פֿון די
צײַטן. 2. דאָס וואָס מע טוט איבער, מע
בײַט געוויינלעך איבער אין באַשטימטע
צײַטאָפּשניטן. אַן א, ו ו ע ש. נאָך אַן אָנצוג אויף
א'. „וויפֿל קליידער דאַרפֿסטו מיטנעמען אויף
א'?״, רייד. „מע האָט אים באַלד געגעבן אַן
אַנדער א, וועש מיט שטיוועלעך, זײַנע האָט
מען אין דער צײַט אויסגעטריקנט״, שמעון
וואָלצעגאָק, די געהיימע האָכצײַט, וואַרשע 1884.
3. דאָס וואָס מע מאַכט (שטעלט, פֿאַרבט)
איבער. „עס קומט אויס צו אַרבעטן אויף דעם
א, פֿון פֿאַרבן„, ל. זאַמעט, ייִשפּ 4 .XX. חילוף,
אויסבײַט פֿאַרבײַט. מאַכן אַן א, פֿון סחורות.

5. שינוי. איבעראַנדערשונג. „דער זינען און
תּוך פֿון אַ רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם א',
אין דער איבעראַנדערשונג פֿון
געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות און געזעלשאַפֿטלעכע
פֿאַרהעלטענישן״, י״, נײַס, 1922. „די מיגלעכקייט פֿון
שפּראַכיקע באַווירקונגען און א'ן„, מוו, ייִשפּ

איבערבײַטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געבײַטלס. איבערזיפּן מעל נאָכאַמאָל. א, דעם גאַנצן פּאָמאָל [= אָפּמאָ] .

איבערבײַטן — טרוו. בײַט איבער, ~ געביטן. פֿרגל אויסבײַטן וואו עס טרעפֿן זיך צונויף אַ צאָל בב. 1. אָפּגעבן איין זאַך און קריגן אַן אַנדער זאַך פֿון דעם זעלביקן מין. א, דאָס קלייד אויף אַ גרעסערער מאָס, מיט (פֿון) אַן אַנדער קאָליר. „נאָר א, [די אַלטע ביק] אויף אַ נײַער ביקס האָט ער נישט געוואָלט“, ספּ, סודות. *א, אַ וואָרט = שמועסן, דיסקוטירן. „אין אַ פֿאַרשטויסענעם העק, וואו עס איז פֿאַר מיר ניט געווען מיט וועמען אַ וואָרט איבערצובײַטן„, י. ראָלניק, פֿאַש, 10 XI 1950. *א אַ וואָרט אויף אַ וואָרט =

,

זיך אַמפּערן, זיך קריגן. „צען יאָר אַז מיר האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען, צי האָבן מיר אַמאָל אַ וואָרט אויף אַ וואָרט איבערגעביטן„, ש.

בעקערמאַן, די קאָרטן־וואַרפֿערקע, אַדעס 1888.

2. אָפּגעבן איין זאַך און קריגן אַן אַנדער זאַך פֿון אַן אַנדער מין. מאַכן, דורכפֿירן אַ חילוף. „ער האָט געלאָזט א, דעם פֿאַרמשכּונטן מאַנטל אויף מײַן זייגער„, רייד. *א אַ שוך

,

אויף אַ לאַפּטשע. *א, אַ שלורע אויף אַ לאַפּטשע ← אויסבײַטן, ב3.

3. בײַטן, אויסבײַטן ספּעצ בײַ געלט, ווערטפּאַפּירן אע. א, פֿון איין וואַלוטע אויף אַ צווייטער. א, די אַקציעס. „פֿון אַפּריל אָן וועט די רעגירונג א, אויף גאָלד דאָס גאַנצע פּאַפּירגעלט“, ייִפֿאַל, 14 1883, No. *א, דאָס רענדל = זיך שמדן.

4. בײַטן וואָס מע טראָגט, מע ניצט, מע שלאָפֿט אויף דעם אע. איבערטאָן. א, וועש. א, די לײַלעכער. ניט האָבן קיין העמד איבערצובײַטן אויפֿן לײַב. א, די וואָכעדיקע בגדים אויף שבתדיקע. “ער האָט אַפֿילו ניט געהאַט קיין זאַכן וואָס איבערצובײַטן“, ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ“ג. „זײַנע קליידער צו א, / גיט ער זיך געשווינד אַ פּאָרע. / טוט זיך אָן דאָס שטרײַמל באַצײַטן / און דעם קאַפֿטן פֿון ראַצעמאָרע“, עט, לידער. „זי

האָט געהאַט אויף איבערצובײַטן נאָר איין
קלייד, אָבער ווי שיין און ריין איז עס תּמיד
געווען,,, ממוס, קליינמענטשעלע. *א, די
קאַפּאָטע, די קליידער = אויפֿהערן טראָגן
טראַדיציאָנעלע בגדים, איבעררײַסן מיטן
טראַדיציאָנעלן שטייגער לעבן. ,,א, די קליידער איז זייער
גרינג. איך פֿאַרשטיי אָבער ניט וואָס קאָן יענעם
שאַטן וואָס פֿאַר אַ קליידער איך טראָג“, ט.
קאַמינסקי, א ביִאָגראַפֿיע פֿון אַ י tראל־קלען,
קיִעוו 1913.

5. איבערשטעלן. א, די שנעלקייט פֿון
מאָטאָר. א, דעם וואָלטאַזש. א, די סטראַטעגיע,
די טאַקטיק.

6. אויסשטאַטן אויף אַן אַנדער (בעסערן)
אופֿן. א, דאָס מעבל. א, די גאַרדינען אויף
די פֿענצטער. א, די בילדער אויף די ווענט.

7. מוותּר זײַן אויף עפּעס אָדער עמעצן
און (כּדי צו) קריגן בעסערס. איר. א, אַ
טויבן משרת אויף אַ בלינדן. א, איין אַלטן
פֿרײַנד אויף צוויי נײַע. ,,זאָלסט נישט א אַן

אַלטן חבֿר צו אַ נײַעם חבֿר, ווען ער איז נאָך

איבערבײַטן זיך

מיט דיר גוט,,, א. י. שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבּערג תּרס,,ט. ,,האָט שוין געטרוימט צו

א, דעם בּאָיטשיקל פֿון פּאָבּליק־סקול אויף אַ בּאָי פֿון הײַסקול,,, אַר, 'די אַמעריקאַנער אייראָפּעאישע'.

8. אַוועקגיין פֿוו געוויסע בּאַדינגונגען פֿון

,

אַ סבֿיבֿה פֿון אַ פֿאַך און זיך צופּאַסן צו

,

אַנדערע. א, דעם קלימאַט אויף אַ טרוקענעם.

א, די געזעלשאַפֿט. א, דעם פֿאַך, די פּראָפֿעסיע.

9. דורכפֿירן אַ שינוי, משנה זײַן. ,,נו, גוט... — האָט דער דאָקטער איבּערגעבּיטן זײַן האַלטונג,,, דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I. ,,זי האָט ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק איבּערצובּײַטן איר תּשובֿה“, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. ,,מײַן נאָמען מענדל האָבּ איך חלילה ניט איבּערגעבּיטן אויף אַ גויאישן“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

1O. בּכיוון פֿאַרבּײַטן. ,,די מלכּה האָט געדאַרפֿט האָבּן אַ קינד און די שפּחה האָט אויך בּאַדאַרפֿט צו געווינען,...איז געגאַנגען

די באָבע און האָט איבערגעביטן די קינדער,,,
נחב, 'מעשׂה מבּן מלך ובן שפחה'. ,,האָט
הקב"ה געשוואָרן ער זאָל אונדז נישט א,
אויף קיין אַנדער אומה, און מיר האָבן
געשוואָרן מיר זאָלן נישט א, הקב"ה אויף קיין
אַנדער גאָט", ספר מטעמים, לאָדז, יאָר? ,,ווען
איינער פירט ווייץ צו אַ מילנער אַ כּותי...
און איך זאָג ניט דאָס זיי האָבן איבערגעביטן
די תּבואה...איז דאָס דמאי,,, זרעיס, כח/ב.

11. איבערפורעמען. א, אַ פּאָר סטראָפעס.

א, דעם אַקאָמפּאַנימענט. ,,[די השׂכּל] האָט
איבערגעביטן דעם זשאַרגאָן פון טאָגטעגלעכן
לעבן אויף דער יידישער שפּראַך מיט אַ
הויכער ליטעראַרישער אויסגעפיינערטקייט", ייבל,
II, 24 XI-25. ,,דער...קריג האָט טאָטאַל
איבערגעביטן...די שטעלונג פון פאָלק,,, זשיט
IX, נ,,י 1919.

12. איבעראָרגאַניזירן. א, (אין) דעם גאַנצן
פלאָט. ,,דאָס מיניסטעריום האָט [דער קייסע] I
איבערגעביטן", קמ, 28 1865, No.

13 פאַרבייטן בײַ אַן אַרבעט איינער דעם

.

צווייטן. איבערנעמען, אַריבערנעמען פון איינס

(איינעם) אויף דאָס אַנדערע (דעם אַנדערן).
א, די גרענעצוואַך. ,,ניט טראָגן דאָס קינד אויף
איין האַנט, אָבער אַלעמאָל א, [די הענט],,,
מלכּה בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע
1836. ,,וועל איך דאָרט עפּעס ביז צוועלף
אונטערהעלפֿן, א, אַ האַנט פֿון...דעם
אײַנפּאַקער,,, אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878.
,,לעבן די עלטערע יידן זײַנען געגאַנגען די
ייִנגערע און האָבן אַלץ געוואָלט א, די
עלטערע [צו טראָגן דעם אָרון]'', לדב, נ,,י תּשי''ז.
איבערבײַטן זיך —— ← דפֿוו. 1. ווערן
אַנדערש לויטן אויסזען. *א, זיך אין אַלע
קאָלירן = ווערן רויט, בלאַס (פֿון בושה, פֿון
שרעק אאַ). ,,כּתרילעווקע, מײַן אַלטע היים,
האָט זיך אַזוי איבערגעביטן, נישט צו
דערקענען,,, שע, פֿון כּתרילעווקע. ,,דו האָסט זיך
גאָר איבערגעביטן, ביסט גאָרניט די וואָס
געווען'', ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע
1865. 2. ווערן אַנדערש לויט דעם כאַראַקטער,
דער אויפֿפֿירונג. ''די צײַט האָט זיך

אומגעביאיבערבײַט(עווד)יק

טן..., האָט זיך די מענטשלעכע נאַטור אויך

איבערגעביטן“, ממום, 'שם און יפֿת'. „צי פֿון
דיר הער איך דאָס אַזעלכע רייד? דו האָסט
זיו אַזוי גיך איבערגעביטן!“, ב. א.
זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט, וואַרשע 1887. 3.
אינגאַנצן זיך בײַטן. „די גאַנצע נאַטור האָט זיך
איבערגעביטן“, אַמעדיקאַנישע גליקן, וואַרשע
1895. „די ווײַבער האָבן זיך אין דער צײַט
אַזוי איבערגעביטן אַז זיי ווייסן שוין אַליין
ניט...„, ש. בעקערמאַן, די יודישע קאָזאַקין,
אַדעס 1886. 4. קזוו. בײַטן צווישן זיך. „עס
האָט געדויערט אַ פּאָר שעה איידער מע האָט
זיך איבערגעביטן מיט די חתנים“, טפּ, סודות.
„מיר האָבן זיך...איבערגעביטן מיט עטלעכע
קאָמפּלימענטן„, ש. איריס, אָט אַזוי האָט מען
געשפּילט טעאַטער, ב"א 1956. „בײַם רבֿ זיצט
אַן עלטער פּאָרפֿאָלק,...ביידע בײַטן זיך
איבער מיט ברוגזע בליקן“, הרבֿ העפֿטערמאַן,
פֿאָר, 1962 □ 13. 5. זיך בײַטן (כּדי זיך
אָפּצורוען) בײַם טאָן אַן אַרבעט. א, זיך בײַם
זעגן האָלץ. „[בײַם לעשן דאָס פֿײַע□] האָב
[אי□I געלאָזן די לײַט זיך איין מאָל
איבערצובײַטן און אויף דעם שיף אַרויפֿצוגיין“,
היסטאָריע איינע שיף בראָך, וואַרשע [יאָר?].

־ונג. ־עכ[illegible]ן. ־עניש. ־ער.
איבערבײַט(עווד)יק — אַדי. וואָס מע קען איבערבײַטן. א'ע וואַריאַנטן. ־יקייט.
איבערביין — דער, ־ער; פֿקפֿ: ־דל, ־עך.
[illegible]. אומנאָרמאַלער ווילדביין, אָנגעוואַקסן אויפֿן נאַטירלעכן ביין. אין שו״ת מהר״ם מלובלין: ,,והיה לו בבֿהן רגלו עצם יתירה שקורין איבר ביין״. ,,אַ נאָדל אין פּופּיק איז אַ האַרבע שאלה, אַן א, — נאָך מער חומרא״, דלוגאַטש, די וועלט־מסורה, וואַרשע 1881. ,,לייגט פֿאָר עפּעס בעסערס, נאָר שטעלט ניט אַוועק קיין פֿרעמדס, ווײַל עס שטאַרצט ווי אַן א',,, מוו, ייִפֿאַ, 2 .4 1938, No. איבעריקע, אומניצלעכע זאַך; מכה. ,,פֿאַראַן אָבער אויך אַן אָנשיקעניש, אַן א'דל״, ממוס, שלמה. 3. איבעריקער, אומניצלעכער מענטש. ,,— וואָס טוט ער? — גאָרניט. ער איז דאָ אַן א',,, רייד. ,,איידל איז אַ כלה און דודל... — אַן א'דל, אַ בילמע איטלעכן אין די אויגן״, ממוס, שלמה.
איבערבײַס — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערבײַסן. 2. פֿרישטיק, ערשטער פֿרימאָרגנדיקער מאָלצײַט. ,,אַרויסגעפֿאָרן איז ער גאַנץ פֿרי אין אַ...זומערטאָג, מיטגענומען אַפֿילו... א״, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג,. 3. קליינער

און אײַליקער מאָלצײַט אין יעדער צײַט פֿון טאָג (נאָר איבערצוכאַפּן, אָפּצוכאַפּן דאָס האַרץ).
כאַפּן אַן א, אויף איין פֿוס. „[אין] די קעשענע איז נישטאָ קיין קאָפּיקע אויף קיין א'„,
אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. „די מאַמע האָט זיך גענומען צו איר אַרבעט ווי שטענדיק: אָפּקאָכן 'א', פֿאַר אַלעמען„, מ. ווײַסמאַן, פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש. 4. פֿאַרבײַסנס; דאָס צובײַסן נאָכן טרינקען לחיים. עטלעכע ביסנס פֿאַרן ריכטיקן מאָלצײַט.
איבערבײַסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען איבערבײַסן מיט די ציין. א'ע כראָמסקע.
איבערבײַסן — דער & דאָס, ־ס. דזוו

835אי

בערבײַס. מיטן ב2: „עס איז געווען אין אַ פֿרימאָרגן, איך בין געזעסן בײַם טיש און געגעסן א'„, ש. בעקערמאַן, די שלימזלניצע.
אַדעס 1887. „איין זאַך מוז זײַן צו יעדער א', צו יעדער מיטאָג און צו איטלעכער וועטשערע — ברויט„, ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928. „די מעשׂה איז אָבער ניט אינעם

א אַליין, דערעיקר: ווי אַזוי דערלאַנגט מען
,

אים אויף דער טאַץ“, בערג, בײַם דניעפּער I.
מיטן ב3: „שבת עס איך בײַ דעם גבאי פֿון
קלויז...מע גיט מיר נאָך חלה אויף נאָך שבת,
אויף אַ פּאָר א'ס“, מסדר אגרת, ווילנא
והוראָדנא תּקפּ„ה. „דער לעצטער א, אויפֿן שיף,
דער לעצטער מאָלצײַט נאָכן לאַנגן וועג„, הר,
לייס.
איבערבײַסן — טרוו. בײַס איבער, ~
געביסן. 1. עסן פֿרישטיק אָדער אָנבײַסן. „[דאָס]
דאַוונען דווקא געמאַכט בקיצור...דערפֿאַר האָב
איך נאָכדעם מאריך געווען...[בײַ] א'“, ממוס,
שטורעמצײַט. „יאָ, האָסט שוין געדאַוונט? טאָ
גיי פֿריִער עפּעס א', ס'האַרץ איז דאָך דיר
מסתּמא אַוועק“, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. „אין
גרויסן צימער וואו מע האָט שוין געהאַט
איבערגעביסן האָט ער קיינעם ניט געטראָפֿן“,
בערג, בײַס דניעפּער II.
2. עסן אַ קליינעם מאָלצײַט (אין יעדער
צײַט פֿון מעת־לעת). עסן אַ ביסל צו שטילן
דעם הונגער. „האָבן געבעטן אונדזערע
פֿאַרשוינען זאָלן זיך וואַשן און מוחל זײַן, זיך

זעצן מיט זיי אינאײנעם עפּעס א'‟, ממוס, מסעות. „דעם גאַנצן טאָג האָרעװועט מען, און אַז מע קומט בײַנאַכט..., איז ניטאָ װאָס איבערצובײַסן‟, הגדה של פסח על־פּי נוסח חדש, נ״י 1894. „האָסט גאָרנישט איבערגעביסן?„,
פּרץ, דראַמ, שריפֿטן.
3. מיט די צײן איבעררײַסן. א, דעם פֿאָדעם אויף צוויי. 4. איבערשנײַדן, איבערהאַקן. א אַ דראָט מיט אַ צװענגל. װאוילױנגעריש —

,

א, דעם גאָרגל. 5. דזוו אײַנבײַסן. האַרטע פּאַרטיי־לײַט, מע קען זיי ניט א, ־עכץ.

.

־עניש. ־ער (־קע) — „ער איז ניט קיין עסער, נאָר אַן א',„ רייד.
איבערבילדן 1 — טרוו. בילד, בילדעט איבער, ~געבילדעט. 1. בילדן, דערציִען אויף אַן אַנדער אופֿן. א אַ דאָרפֿסיונג. 2. צו פֿיל,

,

-

אויף צו פֿיל שטחים (אויס)בילדן. מיט ז י ך — קומען אין אַ נײַ לאַנד און זיו א'. ־ונג

— „מע האָט בײַ אונדז ניט קאַליע געמאַכט
דעם אויער מיט א'„, מוו, דער וועג צו אונדזעך
יוגנט.
איבערבילדן 11 — טרוו. בילד איבער, ~
געבילדט. אַמ. איבערבויען. א, דאָס אַלטע הויז.
איבערבילן — אוטוו. ביל איבער, ~געבילט
(~געבולן). בילן אַ לענגערע צײַט. א,
גאַנצענע נעכט. מיט ז י ך — 1. זיך אָנבילן
און אויפֿהערן. 2. בילן איינער צום אָדער
נאָכן אַנדערן. „אויך הינט האָבן זיך דאָ אויף
דער גאַס איבערגעבולן“, חיים פּעט.
איבערבינד — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערבינדן. דאָס מיט וואָס מע בינדט איבער. אַ
פֿרישער א, אויף דער וואונד.

איבערבלאַטירן

--

איבערבינדבאַר — אַדי. מאַרק ווב. דטשמ.
נר. וואָס מע קען (לאָזט זיך) איבערבינדן
איבערבינדן — טרוו. בינד איבער, ~
געבונדן. 1. פֿאַרבינדן (פֿאַרפֿעסטיקן מיט שטריק).
צובינדן. א, אַ פּעקל. „איב וואָהל דער נאָפּל

איז נאָך ניט איבּערגעבּונדן, מוז מען [דעם
ניַי־געבּאָרענעם] איַנוויקלען אין אַ וואַרעמער
זאַך“, מלכּה בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער,
ווילנע 1836. „דאָס איינציקע מיטל דאָס בּלוט
צו פֿאַרהאַלטן איז א, די אַרטעריע„, ד.
מאָרדפֿין, די לעהרע פֿון לעבּן, בּערלין 1898.

2. איבּערבּאַנדאַזשירן. „די דינערס האָבּן [אי־]
אויסגעטאָן די קליידער און האָבּן אים
איבּערגעבּונדן די וואונד“, י. ראַווינסקי איבּז, דער
פֿאַלשער שולד בּריעף, וואַרשע 1885. “קום
שוין, לאָמיך דיר א, דעם פֿוס“, בּערג, בּיַים
דניעפּער 3 .I. איַנבּינדן, צונויפֿנייען, מאַכן
אין אַ בּוכפֿאָרעם. א, דעם אַרכיוו. 4.
איַנבּינדן אויפֿסניַי, נאָכאַמאָל. א אַ בּוך אין
אַנ,
דערע טאָוולען. 5. אויסבּינדן אַ שלייף אויף
אַן אַנדער אופֿן. „ער האָט...אָנגעהויבּן זיך
איבּערצובּינדן דאָס זיַדענע טיכל אויפֿן האַלדז“,
וויַס I, 'דאָס לעבּן'. מיט ז י ך. ־ונג —
„די מיליטער־מעדיצינישע פֿאַרוואַלטונג האָט
אירע צענטערס פֿאַר ערשטער הילף, כירורגישע
און א'ס־פּונקטן„, פֿגעז, פּאַריז 4 1949, No.
־עכ־ן. ־עניש.

1. ווער עס בינדט איבער. 2. מיט וואָס מע
איבערבינדער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

בינדט איבער. אַן א, אויף דעם געשוואָלענעם
פֿוס. 3. פערעוועסלע. ספּעציעל דין

שטע־ואה (אוקר, ניקאָלאָיעווער קרײַז) ־ ..ײַ.
קעלע, וואָס ווערט געניצט בײַם בינדן די גארבן
תּנ .

איבערבינען — מג. פּר. ← איבערבינדן.
איבערביס — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערבײַסן. דאָס מיט וואָס מע בײַסט
איבער. אַן א, וואָס קען באַשטיין פֿאַר אַ גאַנצן
מאָלצײַט פֿרגל איבערבײַס.

.

איבערבכיהן זיך — [...בעכיען] אוטוו. בכיה
זיך איבער, זיך ~געבכיהט. איבערוויינען זיך
(מיט ביטול). „ווענט זיך א, און זיך
איבערבעטן„, רייד.
איבערבלאָזן — טרוו. בלאָז איבער, ~
געבלאָזן. 1. בלאָזן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער
אופֿן. א, דעם באַלאָן, ער זאָל ווערן שטײַפֿער.
2. בלאַזן אַ סך אָדער ביזן סוף. וויפֿל פֿלעשער
ער האָט שוין איבערגעבלאָזן! 3. בלאָזן
וויגער כאַמאָל. „מאַמע, דעם פּ־ 4.

אַריבּערדער, נ   ארבּרענטן

פֿינאָז מיר איבּער,,, רייד.
בּלאָזן. א, אַ לופֿטבּאַלאָן איבּער אַ פּלויט.
5. בּלאָזן איבּער דער מאָס (און עפּעס שעדיקן). ,,הער אויף צו בּלאָזן דעם קלאַרנעט, ווּעסט (זיך) א, די לונגען,,. פֿיג. א, עמעצנס שם.
מיט ז י ך — 1. ווערן איבּערגעבּלאָזן.
2. אויפֿהערן זיך בּלאָזן, רוגזן זיך. א, זיך און ווערן חבֿר ווי געווען. ־עכץ. ־עניש.

בּלאַטירט. וואוּיליונגעריש. 1. איבּערקויפֿן
איבּערבּלאַטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~

געמיט כאַבּאַר אע. א אַ מענטע [= פּאָליציסט].
,

איבּערבּלאָטען

א אַ יונג, ער זאָל צושטיין צו אונדזער קאָ,
מאַנדע. 2. איבּערכיטרעווען. א, דעם שייגעץ.
איבּערבּלאָטען — טרוו. ־טע איבּער, ~
געבּלאָטעט. נעאָל. איבּערמאַכן, איבּערקנעטן

בלאָטע. „מע דאַרף אַ נעם טאָן זיך געטרײַ און
די בלאָטע א, אויפֿדאָסנײַ„, אשט, 'זשאַבעס„
משליס I.

איבערבלאָנדז(ש)ען, ־דזיען, ־דען —
דז(ש)ע, ־דזיע, ־דע איבער; ~געבלאָנדז(ש)עט,
־דזיעט, ־דעט. אוטוו — 1. בלאָנדזשען אָ
סך, אַ לענגערע צײַט. 2. אויפֿהערן
בלאָנדזשען. 3. גיין אויף שלעכטע דרכים. אַקוזוו
— דורכגיין, דורכפֿאָרן בלאָנדזשענדיק. א, דעם
גאַנצן וואַלד. ־עניש.

איבערבלאָנדן — טרוו. בלאָנד איבער, ~
געבלאָנדט. מאַכן ווידער אָדער מער בלאָנד. א, די
האָר, ווײַל בײַ די שלייפֿן זעט מען שוין
גרויע הערעלעך. ־ונג.

איבערבלאָנקען — אוטוו. ־קע איבער, ~
געבלאָנקעט. איבערגיין, דורכגיין אָן אַ ציל.
וואָגלען איבער (אין) אַ סך ערטער. א, איבער
(אויף) אַלע גאַסן. ־עניש.

איבערבלאָפֿן — טרוו. בלאָף איבער, ~
געבלאָפֿט. אַמ. 1. איבערכיטרעווען. איבערנאַרן.
א אַ באַוואוסטן בלאָפֿער. „איינער האָט
געֿ,
וואָלט דעם צווייטן א, מיט זײַן גרויסקייט„,
ה. קאָן, טמז, 1964 ׀ 20. 2. בלאָפֿן אַ סך

אָדער ביזן סוף. וואָס ער האָט שוין
איבערגעבלאָפֿט אין זײַן לעבן! 3. בלאָפֿן איבער דער
מאָס.
איבערבלוטן — אוטוו. בלוט איבער, ~
געבלוט. פּפֿ: ~בלוטיקן. 1. אַרײַנקומען פֿון
צו פֿיל בלוט אין אַן אָרגאַן. „עס טרעפֿט זיך
אַז דער מוח בלוט איבער און עס פּלאַצט אַ
בלוטגעפֿעס“. „פֿון דעם שטענדיקן זיצן ווערט
די שליים־הויט פֿון דער שטול־רער (רעקטום)
איבערגעבלוטיקט„, פֿגעז, פּאַריז 2 1948, No.
2. פֿיג. זיך איבערמאַטערן, איבערווייטיקן.
־ונג — א'ען פֿון דער שטול־רער. “אין
רעזולטאַט דערפֿון קומט א, פֿון מוח„ פֿגעז, ווילנע
,
.10־No '1937 9
בלויט. פּפֿ: ~ב רוו. בלוי איבער, ~
געאיבערבלויען
אָען, ~בלוען, אוקר.
-----

1. וואַשן נאָכאַמאָל אין בלויעכץ. א, דאָס וועש.
2. איבערפֿאַרבן אין בלוי. 3. צו פֿיל בלויען.
א', מאַכן שטאַרק בלוי.
איבערבלײַב — דער, ־ן. 1. רעשטל. שׂריד.

שאַרית־הפּליטה. דער איבערגעבליבענער אָדער
די איבערגעבליבענע נאָך אַן אויסראָטונג,
שלאַכט, מלחמה, פּאָגראָם, מגיפֿה אע. דער
א, נאָכן חורבן. מיר געהערן צום א'. תּי:
“און זיי האָבן געשלאָגן אים...און זײַן גאַנצן
פֿאָלק ביז אים ניט צו לאָזן אַן א'“ (במדבר,
כא, 35); „ער [יהושע] האָט ניט געלאָזט אין
איר אַן א'“ (יהושע, י, 30); „דער
אַנטרונענער א, פֿון דעם הויז פֿון יהודה„ (מלכים ב,
יט, 30). „פֿאַר אָט דעם א, האָט רינגעלבלום
געוואָלט איבערלאָזן די געשיכטע פֿון געטאָ“,
אפֿא, טמז, 2 .30 1964 III. צאָל מענטשן וואָס
בלײַבן (איינער וואָס בלײַבט) נאָכן

פֿאַרשווינדן, אויסשטאַרבן פֿון זייער גרופּע. דער א,
פֿון די ,יונגע'. „איך בין דער איינציקער א,
פֿון די באַטייליקטע אין דער טשערנאָוויצער
קאָנפֿערענץ“, רייד.

3. צאָל זאַכן וואָס בלײַבן (איין זאַך וואָס
בלײַבט) נאָך אַ צעשטערונג, אויסרויבונג,
שׂריפֿה אע. דער נעבעכדיקער א, פֿון דער שׂריפֿה.
„אים וועט פֿאַרצערן אַ פֿײַער...עס וועט אָפּעסן
דעם א, אין זײַן געצעלט„, תּי, איובֿ, כ, 26.
4. זאַך וואָס בלײַבט פֿון אַמאָל, רעליקוויע.

אַן א, פֿון אַ לאַנג־פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה. „אַ
שטיקל א, פֿון די אַלטע מיצרים איז נאָך
יאָ פֿאַראַן„, מוו, שוואַרצע פּינטעלעך. 5.
רעשטל פֿון אַ צײַטאָפּשניט. ניט קענען אַן אויג
צומאַכן אין א, פֿון נאַכט. „בּיסלעכווײַז די
לאַנגע שאָטנס יאָגן דעם לעצטן א, פֿון טאָג„,
יהואָש, 'ערינערונגען'. 6. זכר, סימן פֿון אַ
געדאַנק, אידעאָלאָגיע, טעאָריע אע. „דער נודנער
א, פֿון אַסימילאַנטישער שיטה„, רייד. „ס'איז
אַן א, פֿון נאַאיוו־רעוואָלוציאָנערע פּרוּוון“, ימ,
די נײַע שול, 1930. „אַן א, פֿון אַן אָפּגעלעבּ..
טער אידעאָלאָגיע„, בּצג, טמז, 4 XII 1964.
7. עיזבֿון, ירושה. אַן אָרעמער (רײַכער) א,.
פֿאַראַן צענדליקער וואונדערלעכע לידער אין

— —

דעם א, פֿון סיגאַלס לידער“, יג, תּוך.
8. השארת־הגוף (הנפֿש). דער ערדישער א,.
„בּין איו — דער זון — זײַן א', וואָס טאָר
דעם טאַטן ניט פֿאַרשעמען„, הל. 9. רעשטל,
אָפּשניצל וואָס בלײַבּט איבּער נאָכן אויסניצן
(אַ בּאַלעם שניט־)סחורה. אַן א, קאָרט. 10.
אָפּפֿאַל, פּסולת, שיריים. דער א, פֿון
אויסגעזיפּטן מעל. דער א, נאָכן עסן. 11. טייל,
קליינע צאָל וואָס בלײַבּט פֿון אַ גרעסערער

קוואַנטיטעט. פֿאַרקויפֿן פֿאַר חצי־חינם דעם א, סחורה. 12. דיפֿערענץ, רעזולטאַט פֿון חיסור. סאַלדאָ (בּוכהאַלטעריע).
איבּערבּלײַבּונג — די (דאָס), ־ען.
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערבּלײַבּן. טוו פֿאַר שׂריך, שארית. דזוו איבּערבּלײַבּ ←. צו בבֿ 1□2: „און זי דר שלאגטן אַל דשׂ פֿאָלק... און, זי לאזטן קיין איבּר בּלײַבּונג צו זיי„, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. „שארית ישׂראל לא יעשׂו עוולה: דאָס א, פֿון ישׂראל זאָלן ניט טאָן קיין אומרעכט“, לט2, קא/א. „די א, פֿון ישׂראל, די קדושים וטהורים, ווען זײַן אין מדבּר יהודה...„, ך, מכיך, ספֿך אבֿקת רוכל, לעמבּערג 1850. „אַל דא ער הערשט איין איבּר בּלײַבּונג צו דען שטאַרקן פֿאָלק...„, טח, הפֿטורה בשלח.
צום בּ8: „און קיין א, ווען בּלײַבּן נאָך איַער טויט“, איינע אבּשילדערונג פֿאָן קעניג אחאָבֿ או□ זײַנע פֿרויא איזבֿל, וואַרשע 1862.
צום בּ9: „און דאָס נאָכשלעפּעכץ פֿונעם א'“, חדר־טײַטש (פּאָד), שמות, כו, 12.
צום בּ10: „(אין שׂריד) עשׂ איז קיין איבּר בּלײַבּונג צו זײַנום עשׂן“, סהמ, איובֿ, כ, 21. „פֿון פּסולת, פֿון איבּר בּלײַבּונג...„, נצ1,

יא/ג. ,,ווען ער זיך האַלט אַזוי שפּל אַלז פֿון
איין עסין איין איבּר בּלייַבּונג,,, עיון, ד/ב.
צום בּ1 1: ,,דיא שׂרים של מעלה דז ניט ווערין
גישפּייַזט נייארט פֿון דען איבּר בּלייַבּונג“,
נצ1, לח/א.

איבּערבּלייַבּן

איבּערבּלייַבּיק — אַדי. נעאַל. וואָס קען
איבּערבּלייַבּן. וואָס בּלייַבּט איבּער. ,,איצט
ווען מיר זען צו פֿאַרצייכענען אַלץ. אפֿשר וועט
דאָס זײַן די איינציקע א'ע נקמה פֿון די
רשעים,,, ימ, ייִבּל XXII, 1. ־יקייט.
איבּערבּלייַבּן — אוטוו. בּלייַבּ איבּער, בּ י ן
~געבּליבּן (אַרכ, פּר אויך: ~בּלײַ'בּן,
~בּלײַ'בּט). 1. דזוו בּלייַבּן. טוו פֿאַר 'שאַר..
מ t, ז/ב, מלל קלא/כ אאַ. א, אָן אַ שטאָך אַרבּעט.
א, מיטן פּעקל. 2. בּלייַבּן אויפֿן זעלבּיקן אָרט,
ווען אַנדערע פֿאַרלאָזן דאָס אָרט (צײַטווײַליק
אָדער אויף שטענדיק). א, אַליין אין דער היים,
ווען אַלע פֿון דער משפּחה גייען צו דער
חתונה. א, דער לעצטער. א, אויף נאָך אַ יאָר
אין דעם זעלבּיקן קלאַס. ,,און דאָס קעלבּל
אונדזערס...בּלייַבּט גאָר איבּער אין דער היים,,,
ממוס, ספֿר הבּהמות. ,,זענט איר געגליכן צום

אייזל, בלײַבט איר איבער לעבן אייזל,,, משה אַהרן גליקמאַן, ברכי נפֿשי, וואַרשע 1898.

3. בלײַבן אויפֿן אָרט מיט אַ ספּעציעלער כּוונה אָדער קעגן ווילן. א, וואַרטן אויף דעם אָנגריף, דעם שׂונא אע. ,,מע פֿליט אין די וועלדער אַוועק פֿון די שטיבער, דער שמיד נאָר בלײַבט איבער“, אַל, 'דער שמיד'. ,,איז געקומען אַ באַפֿעל: עס זאָל קיין יהודים א, אין גאַנץ פּוילן□, מע□tה אומן. ,,זענען זיי ביידע איבערגעבליבן אין גרויסע צרות,...אין געהאַקטע וואונדן“, טעיאַטאָר.

4. בלײַבן לעבן נאָך אַן אויסראָטונג, מלחמה, מגיפֿה, פּאָגראָם אע. א, איינער אַליין פֿון אַ גרויסער משפּחה וואָס איז אומגעקומען אין טרעבלינקע. ,,און, ער איבר בלײַב נייארט נח און, דשׂ מיט אים אין דער לאַד,,, טח, בראשית, ז, 23. ,,דער רבֿ האָט...דערזען אַז ער איז איבערגעבליבן איינער אַליין אין אַן אויסגעהרגעטער שטאָט“, הל, 'דער וואָלף'.

5. בלײַבן לעבן נאָכן נאַטירלעכן טויט פֿון נאָענטע. א, אַ קײַלעכדיקער יתום. ,,,...אַ קליין מיידעלע וואָס איז אין די קינדערשע יאָרן נעבעך איבערגעבליבן אַ וויסטע יתומהלע,,, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ,,און דער מענטש

וואָס אויף דער וועלט איבערבלײַבט, קלאָגט,
ווען ער זײַן פֿרײַנד אַ מצבֿה שרײַבט,,, עט,
לידעך. ,,אין דען בריף דא שטונדן...ווי...איר
ואטר גישטורבן ווער, אונ, ווי זי אַליין ווער
איבר גיבליבן“, בבֿא־בוך, 588. ,,נון איזט
נאָך מײַן יונגשטי שוועסטיר רבֿקה נעביך איבר
גיבליבן,,, גה, 170.

6. בלײַבן אין אַ גרופּע, אָרגאַניזאַציע (ווען
אַנדערע פֿאַרלאָזן זי). ,,אין פֿאַראיין זײַנען
איבערגעבליבן נאָר די אַלטע, געטרײַע
מיטגלידער,,, רייד. “ווערט איטליכר זײַן וועג אַוועק
גין פֿון דער דרשה, אַזו ווערט ניט איבר
בלײַבן איין מנין לײַט“, אַריה לייב זעליגמאַן,
תּקוני המועדים פֿיורדא 1725.

,

7. בלײַבן ווי אַ רעשטל נאָו אַן אומגליק,
אַ שׂריפֿה, אַ צעשטערונג אע. א, ווי שוואַרצע
קוימענס נאָך אַ שׂריפֿה. ,,(ירע שׂריד)...דא
ווערט איבר בלײַבן אין גיצעלט פֿון רשע,,,
סהמ, איובֿ, כ, 26. *א, ווי אויפֿן וואַסער =
א) אָן אַ מעגלעכקייט זיך צו העלפֿן; ב) אַליין,
פֿאַרלאָזן פֿון אַלעמען. ,,אים אַנדערן שוליאָר

איז מײַן פֿאָטער...געשטאָרבן און איך בין
...
איבערגעבליבן ווי אויפֿן וואַסער,,, מ. מ.
אויזעדקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָביטש
.1898

8. בלײַבן ווי אַ טייל אָדער איין זאַך פֿון אַ גרופּע ענלעכע זאַכן. א, מיט איין העמד אויפֿן לײַב. א, מיט אַ פּאָר כּלים, מכשירים אע. קללה: איין צאָן אין מויל זאָל דיר א, אויף צאָנווייטיק. ,,נאַ דיר היי, אויב דיר איז נאָך איבערגעבליבן אַ צאָן אין מויל“, ממוס, קליאַטשע. ,,ס'וועט מיר א, נאָר איין קלייד אויף יום־טובֿ,,, רייד. ,,און מער ווי שוואַרץ איז ניט איבערגעבליבן...זעט מען מערניט ווי טרויער,,, אמד, די אידן אין וואַרש ויא, ווילנע .18▯9

9. בלײַבן נאָכן אויסגעבן, אָנווערן, פֿאַרלירן (וועגן געלט אָדער זאַכן). א, נאָר מיט קליינגעלט. א, מיט הוילע הענט. א, מיטן נאַקעטן הינטן (תּחת). א, הויל און (ווי) קאַטויל. *א, קאַק סטאָי = אָנווערן אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט. ,,נאָך יום־טובֿ בלײַבן איבער חובֿות און קויטיקע וועש“, שוו. ,,דוא האשׂט נישט מער

אַז דײַן כּסף דאז איז דיר איבּר געבּליבּן,,,
פּראָגבּ, 51. ,,פֿונעם ייִדישקייט איז אים
איבּערגעבּליבּן ניט מער ווי אַ לאַנגע נאָז, געגרײַזלטע
האָר, אַ פֿלײַענדיקער מוח“, ממוס, 'אַ גרויע
האָר,.

1O. בּלײַבּן נאָכן פֿאַרקויפֿן אָדער פֿאַרניצן
(דעם גרעסטן טייל פֿון) עפּעס. נאָר קליינע
רעשטלעך מאַטעריאַל ווערלן א'. ,,וואָס וועט
אונדז א, נאָכן גאַנצן מסחר? אַ גאָרנישט מיט
אַ נישט“, רייד. ,,און, דר דא לושׂט איבּר
בּלײַבּן בּיז דען טאָג דען דריטן, אים וויאר
[— פֿײַער] עז זול ווערדן פֿר בּרענט“, טח,

.

ויקרא, יט, 6. ,,און, מן זאָל...בּרוט לאָזן איבּר
בּלײַבּן, ווען מן בּענשן וויל“, מנהגים, פֿפֿדמ
1729 [ייִפֿאַ, 1939, 2]. ,,אַז עס איז אים אַמאָל
יוי איבּערגעבּליבּן אויף אַ טאָג שפּײַז...,,, חה,
קיז. ,,אין טאָרבּע איז געלעגן פֿון כּל־טובֿ,
בּרויט, שטיקלעך קוילעטש וואָס איז
איבּערגעבּליבּן פֿון שבּת,,, ממוס, מטעות. ,,אַרום
דאָס לעבּן בּרענט און זינגט און בּליט...דאָס
וואָס בּלײַבּט מיר איבּער גיבּ איך אָפּ מײַן
ליד,,, סעג, קאַפּריזן.

11. אָפּשטעלן זיך אין ירושה. ,,סע איז

דאָ אַ גאָרטן וואָס סע איז איבערגעבליבן פֿון
דעם מלך‘‘, נחב, 'מעשׂה מבּן מלך ובֿן שפֿחה'.
12. בּלײַבּן (ניט ווי אַ יש, נאָר) ווי אַ
זכר, אַ צייכן, אַ סימבּאָל אע. *ס'איז קיין
ז כ ר [זייכע] ניט איבערגעבליבּן = קיין
שום זאַך ניט, קיין שום סימן, קיין סליאַד
ניט. ‘‘זיי זאָלן זיך געווען אונטעררוקן מיט
זייער חקירה אין יענע פֿריִערדיקע צײַטן —
וואָלט פֿון ייִדן קיין זכר ניט איבּערגעבליבן,,,
ממוס, ספֿר הבהמות. ,,איר זאָלט
אויפֿשרײַבן..., וועט עס א, בײַ אײַך צום אָנדענקען‘‘,
שבחי האַר‘‘י [קעניגסבּערג, יאָר?].
13. בלײַבּן ווי דאָס מעגלעכע בײַ אַ
דילעמע, אויסקלײַב. ,,ס'איז איבערגעבליבן נאָר
איין אויסוועג: נעמען אַ טאָרבּע און גיין
איבער די הײַזער,,, רייד. ס'בלײַבּט איבער נאָר
איין מעגלעכקייט, איין וועג, איין אופֿן טאָן

עפּעס אע. ,,אַפֿילו באין ברירה — בלײַבּט
איבּער אַ ברירה‘‘, רייד.
14. האָבן אין רשות אַ באַשטימטן
צײַטאָפּשניט. ס'וועט א אַ שעה ביזן אָפּפֿאָרן. ,,ס'איז
,
אים נאָך איבערגעבליבּן עטלעכע ליידיקע

מינוט צײַט אויף צושפּאַרן דעם קאָפּ צום טיש,,,
ממוס, ווינטשפֿ.
15. דורכלאָזן, ניט פֿאַרענדיקן עפּעס. ,,איין
בלוזקע איז איבערגעבליבן אויסצופּרעסן,,, רייד.
ס'איז איבערגעבליבן איין פּאַס פֿעלד ניט
פֿאַרזייט. ,,,...דז ניט זאָל איבר בלײַבן קיין
אָרט אָן זאַלץ‘‘, עפּש, דרך הישר לעולם הבא,
שקלאָוו 1796.
איבערבלײַבס — דאָס, ־ן. דזוו איבערבלײַב.
רעשט(ל). סימן. ‘‘יאַפּאַנישע טראַפֿנשריפֿט מיט
כינעזישע א'ן‘‘, מוו, די שוואַרצע פּינטעלעך.
איבערבלײַבסל — דאָס, ־עך. דזוו דפֿוו.
שווב. ,,פּלט. שארית — איבר בלײַבסיל. גמיין
פּעביל‘‘. ,,איך בין ושתי המלכּה, איין
טאָכטר פֿון מלכים...פֿן דעם איבר בלײַבסיל פֿון
(בלשצר), מײַן פֿאטר‘‘, צאינה, תּרגום שני.
‘‘קיין (מלחמה) זאָלין אַן פֿאַנגן מיט די רומיים
אום ניט צו פֿר דערבין דשׂ איבר בלײַבסיל
פֿון ישׂראל‘‘, יוסיפֿון פֿיורדא 1764. ,,2
מע,
בל־בעטן אַן א, פֿון אַן אַלטן עושר‘‘, וואַרשויער
יודישע צײַטונג, 18 1867, No.
איבערבלײַבעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. דזוו
איבערבלײַב. ,,ס'א, פֿון דעם פֿאָלק ישׂראל

שטייט אין קאָן“, אָפּאַ, בר־כּוכבֿא. „אַן א, פֿון
אַמאָליקע גבֿירים„, ייִט, פּוילן I ⃞ י. 2. דז
מיט בּײַטעם אַז עס האָט אַ קנאַפּן ווערט. „זי
גיסט אַרויס דאָס א, פֿון די טעפּ„, ווײַס II,
דער איבערגאַנג'. „דאָס טעצל איז שוין פֿול,
מיט א'ן פֿון ציגאַרעטן“, ראַבּאָי, אייגענע
ערד. 3. דז מיט בּײַטעם פֿון בּיטול. „אַ
ווערק וואָס איז אַן א, פֿון זײַן טרוקענעם
משׂכּיליזם“, יג, תּוך. „עס זענען נאָך דאָ א'ן
פֿון אַמאָליקן צאַרישן אַנטיסעמיטיזם„, לע,
טמז, 9 1964 XII.
איבערבלײַבעניש — דאָס (די), ־ן. דזוו
איבערבלײַב(ונג). אַן א, פֿון די גוטע יאָרן,
פֿון אַ טיפֿוס. „גאָט, מײַן האַר! צי וועסטו
מאַכן שוין צו דעם א אַן ענד„, אַל II. „די

,

א, פֿון ייִדן„, תּניא, ריב. „אומזאַץ־שטײַער
וואָס איז אַן א, פֿון די אינפֿלאַציע־יאָרן„, רעדע
פֿון דעם דעפּוטאַט איגנאַצי יעגער..., לבֿובֿ
1932.
איבערבלײַבער — דער, ־ס. וונ נבֿ. 1. אַרכ
דזוו איבערגעבליבענער. „און, עשׂ איז ניט
גיוועזן איין אַנטרינר און, איבּר בלײַבּר“,
צאינה, איכה. 2. (שפּאַסיק) ווער עס בלײַבּט

איבער פֿון הינטן, ווער עס שטייט אָפּ. "וואָס
ביסטו שטענדיק אַן א'? שטעל פֿיס!" רייד.
איבערבלײַען — אוטוו. בלי איבער, ~
געבליט. 1. אויפֿהערן בליִען, אָנהייבן וויאַנען.
ס'איז שוין אלול. זעסט, אַלץ האָט שוין
איבערגעבליט", רייד. „זע קיין עין־הרע ווי דאָס
קינד בליט — עס זאָל חלילה ניט א, — קיין
בייז אויג זאָל ניט שאַטן", רייד. 2.
אַרויסגעבן צו פֿיל בליִעכץ. "ס'איז ניט גוט ווען
קאַרטאָפֿל בליט איבער", רייד ־אונג.

.

איבערבליקעריש

איבערבליצן — בליץ איבער, ~געבליצט.
טרוו — איבערשטײַגן אין בליציקייט,
פֿינקלדיקייט. א, מיט חכמה. „אויגן וואָס האָבן
אַלעס איבערגעבליצט" פּרץ, פֿאָלקסט,
געשיכטן. אומוו, אומפּ — בליצן און אויפֿהערן.
איבערבליק — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערבליקן. אײַליקער א'. „ער
יאָגט דורך די גויאישע לענדער אין א, זײַנעם

גאַלאָפּ...,,, אַל I, 'דער קרעמער,. 2. קורצע סומירונג. געפּרעסטע אָפּשאַצונג (פֿון אַן אַנטוויקלונג, ווערק אאַ). אַ היסטאָרישער א'. א, איבער דער פּאָליטישער לאַגע אין דער וועלט.
,,אַן א, איבער די געדאַנקען וועלכע זײַנען אויספֿירלעך באַוויזן...געוואָרן אין די ביכער,,, ב פֿײַגענבוים, דער סאָציאַליזמוס פֿון אַלף ביז
.
ת,, נ,,י 1894. ,,אין די ענגע ראַמען פֿון אַ קאָנדענסירטן א, איז שווער צו באַצייכענען... דעם גאַנצן...מאַטעריאַל,,, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I.
3. ספּעציעלע פֿאָרשונג צו קריגן אַ גרינטלעכע סומירונג וועגן אַ מצבֿ אין אַ באַשטימטן אָרט, אין אַ באַשטימטער צײַט. אַן א, איבער ייִדישער דערציאונג. ,,ליגט אויף דער ליניע פֿון יענער גרויסער צאָל שטאָט־א'ן וואָס זײַנען באַקאַנט אין אַמעריקע“, מוו, דער וועג צו אונדזעך יוגנט.
4. אויבנאויפֿיקע אינספּעקציע. אַנשטאָט אַן אויספֿאָרשונג אָפּקומען מיט אַן א, איבער דעם וואָס עס טוט זיך אין תּפֿיסה.
איבערבליקלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (גרינג, באַקוועם) איבערבליקן. “מיר וועלן

צונויפֿנעמען די וויכטיקסטע זאַכן פּונקטנווײַז, כּדי דער גאַנצער ענין זאָל אַרויסקומען מער א',,, מוו, שוואַרצע פּינטעלעך. צעלייגן דעם גאַנצן מאַטעמאַטישן אויסדרוק אויף אַ מער א'ן אופֿן ־קייט — ,,מיר קומט אויס אַז פֿון

.

א, וועגן איז צום בעסטן צו ריידן וועגן פֿינף גרופּעס,,, מוו, ייִשפּ XIX, 2.

איבערבליקלער — דער, ־ס. נעאַל. ווער עס מאַכט אַן איבערבליק (וועגן געשעענישן, סיטואַציעס אע). ,,דער א, ,פֿון דער קולטורכראָניק זאָל זיך באַנוצן מיטן לאַנג־לאַנג פֿאַרשימלטן זאָגאַר',,, פֿאַש, 1 ▯ 1965. ־ערײַ.

איבערבליקן — טרוו. בליק איבער, ~ געבליקט (אויך: ~בליי'קן, ~בליי'קט. נר). 1. איבערקוקן אויף דער גיך, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די פּרטים. א, אַ צײַטונג בײַ אַ טעפּעלע קאַווע. 2. אַריבערקוקן, אַרומקוקן פֿון אויבן (זיך אויסטיילן מיט דער הויכקייט). ״אין הינטערגאַס...אַ קלויסטער...דעם גאַנצן מאַרק איבערבליקט ער,,, פּרץ, בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק. מיט ז י ו — קזוו. זיך איבערקוקן. ,,ש. מיטן דאָקטער האָבן קעגנזײַטיק זיך איבער געבליקט,,, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושער▯ ▯ע,

װאַרשע 1909. ־עכץ ־ענישׁ. ־ער.
.
־ערײַ.
איבערבליקעריש — אַדי. נעאַל. װאָס האָט
אין זיך אַן איבערבליק. װאָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן איבערבליק(ע). „אַן א,
בוך“,
ש. ביקל, טמז, 3 1961 XII. „א'ע און
שאַרפֿזיניקע עסייען“, ש. ביקל, טמז, 10 1963 III.

איבערבלע(ו)מען

איבערבלע( )מען — [...בי'לעמען] טרוו. ←
אויסבלעמען. איבערשטײַגן אין זידלען,
שעלטן. „הערט זיך נאָר צו צו איר מענה־לשון.
זי בלע(ו)מט איבער אַלע פּישײִדענעס“, רייד.
איבערבלעטערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געבלעטערט. 1. איבערמישן אַ בלאַט (בלעטער).
א אַ בלעטל (זײַט) אין אַ בוך. א, דאָס גאַנצע
,
בוך. “האָט צוגערוקט צו זיך אַ גראָבן ספֿר
אין אַ לעדערנעם בונד און האָט אָנגעהויבן אים
איבערצובלעטערן“, איש יהודי [לעאָן
ראַבינאָװיץ], בלעטער, פּעטערבורג 1901, No 18. *א,
אַ נײַ בלאַט = דזװ אָנהייבן אַ נײַ בלאַט,

מאַכן אַ וויכטיקע התחלה. 2. זוכן אויסצוגעפֿינען אין ספֿרים, בּיכער, דאָקומענטן. „דער רבֿ האָט איבּערגעבּלעטערט דעם גאַנצן תּנך, און עס איז געבּליבּן אויף דער רבּיצינס רייד“, ש. וואָלצענאַק, דער בּאַקאַנטער דאַקטער, וואַרשע 1882. „ניטאָ, בּלעטערט איבּער דאָס גאַנצע לאַטײַן!„, פֿרוג I. א, אין זכּרון די וויכטיקסטע געשעענישן אין לעבּן. מיט ז י ך — „האָבּן זיך בּײַם שדכן געגעבּן אַ בּלעטער איבּער די געדאַנקען אין קאָפּ“, שע, פֿון כּתרילעווקע.

־דנ[illegible].

איבּערבּל — [illegible]וו ־[illegible] [illegible] איבּער,

עקערצן .

~געבּלעקערצט. פּפֿ: ~בּ עקע ן. פּעיאָ.

ר

איבּערשרײַען. א, איינער דעם צווייטן ווי אין אַ שענק.

איבּערבּעבּ(ק)ען — טרוו. בּעבּ(ק)ע איבּער,

~געבּעבּ(ק)עט. 1. איבּערחזרן נאַרישע, קינדישע רייד. א, די זעלבּיקע טענות, בּקשות. 2. ווידער, פֿונדאָסנײַ אַרויסבּרענגען עפּעס אומקלאָר אָדער מיט שוועריקייטן. א, דעם ענטפֿער.

־עכץ. ־עניש.

איבּערבּעזעמען — טרוו. ־זעם איבּער, ~ געבּעזעמט. נאָכאַמאָל, ווידער קלאַפּן, שלאָגן אָדער בּכלל עפּעס טאָן מיט אַ בּעזעם. א, די צעפּאַרעטע רוקנס.

איבּערבּעט — דאָס & די, ־ן. 1. אײַנשיט מיט פֿעדערן און פּוך אויף צוצודעקן זיך אין אַ קאַלט וועטער. פּערענע. „לעת־עתּה לייגט זיך אַ ביסל צו. אָט האָט איר אַ בּעט מיט א'ן„ ממו , פּישקע. „ווען אַ קינד האָט שקראָפֿעלן...נישט שלאָפֿן אויף א'ן מיט פֿעדערן“, מרפּא לעס, זשיטאָמיר 1874. „אין אַלע אבֿרים דערפֿילט מען די קעלט און מען אַנטלויפֿט זיך בּאַהאַלטן אין בּעט אונטער דער גרויסער א,„, בּן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה, אַדעס 1893. „אויפֿהייבּן אַ פֿעדער און לאָזן פֿאַלן דאָס גאַנצע א',„ שוו [= דורכלאָזן (מוותּר זײַן אויף) וויכטיקס און זיך כאַפּן צו אַ קלייניקייט]. „גאָט שיט אויס די פֿעדערן פֿון דעם (זײַן) א'„ (קינדערש) = עס פֿאַלט אַ שניי. *קאָפּען דאָס א, = חרטה האָבּן; זײַן אין כּעס, בּרוגז.

2. בּעטצײַג; אַלץ צוזאַמען וואָס מע ניצט צו מאַכן אַ געלעגער — קאָלדרעס, קישנס,

לײַלעכער. „די בעטן זענען געשטאַנען
צעוואָרפֿן...פֿון זייערע א'ן אַרויסגעשלעפּט...צוויי
קישנס“, בערג, אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט.
3. אייבערבעט; אייבערשטע בעט וואָס שטייט
אויף אַן אַנדער בעט. אַ קאַזאַרמע מיט א'ן.

838

„די אַלע אונטערבעטן זײַנען שוין געווען
פֿאַרנומען. האָב איך געפֿונען אין וואַגאָן נאָר
איין פֿרײַע א'“, רייד.
איבערבעט — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערבעטן I. איבערבעטונג. אַן א'־
אַטמאָספֿער מיט דײַטשלאַנד. קולטור־א.. „דער
א, צווישן די קראָים און די אָפֿיציעלע ייִדן“,
ש. ביקל, טמז, 29 1956 I.
איבערבעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערבעטן (זיך) I. מחילה.
„עשׂ זאָלן זײַן (לרצון) צו איין איבר בעטונג
מײַן ריד“, סה□ו, תּהלים, יט, 16. „און, נאָך
לנגי צײַטן און, דורך פֿיל איבר בעטונג האבן
דײַן ברידער ג[ע]רעט מיט מײַן עלטרן„, שאַר.
“די שעה וואָס איז געשיקט פֿון גאָט פֿאַר א„
טרייסט און גענאָד„, י. ראָלניק, גש. „סעדיה

נעמט אונטער די א, צווישן שׂכל און התגלות“,
א. י. העשל, דווקא, 41 No־42.
איבערבעטל — דאָס, ־עך. 1. פֿקפֿ פֿוו
איבערבעט (←). 2. ספּעצ קאָלדרע. צודעק.
,,אויף די בעטן קויטענע א'עך מיט קליינע
קישעלעך און לײַלעכער מיט טונקל־רויטלעכע
פּינטעלעך,,, ד. כּהנא, קמ, 1 1866, No. ,,דער
פֿאָטער האָט אַליין אויפֿגעהויבן דאָס א',
אויסגעגלײַכט דאָס קישעלע“, ווײַס II, 'דער
איבערגאַנג,.
איבערבעטלען — ־טל איבער, ~געבעטלט.
טרוו — איבערבעטן אויף אַן אומבכּבֿודיקן
אופֿן, דורך דערנידעריקן זיך. ,,בלומען פֿאַר
עטלען — איבערצובעטן, ניט איבערצובעטלען,,,
א. ווײַס, ייִדישע צײַטונג, 19□0. אוטוו —
בעטלען אַ לענגערע צײַט. א, אין דער גאַנצער
געגנט. ־עניש.
איבערבעטן 1 — [לאַנגע ע אין פּד, אוקר]
טרוו. בעט איבער, ~געבעטן. (פֿר אויך: ~בע'־
טן, ~בע'ט [לאַנגע ע]. 1. מיט גוטע רייד
בעטן אַז עמעצער (אַ צווייטער צד) זאָל
אויפֿהערן זײַן אין כּעס, זיך ברוגזן, זיך פֿילן
באַליידיקט. א, דעם חבֿר, דעם קרובֿ, דעם
באַקאָנטן. ,,זאָל...די אשה די רגע וואָס דער

מאַן בייזערט זיך איבערשווײַגן...און כאָטשע
דער מאַן איז אין כּעס, וועט ער גיו
איבערגעבעטן ווערן און וועט זי נאָו אויך א',,,
הנהגות הנשים, יאַס 1843. ,,שווער איך דיר
אַז אויב ער האָט זיך באַליידיקט, וועל איך
אים צוריק א',,, ווײַס, 'איינער אַ מענטש'.
*איך בעט אײַך איבער = אַנטשולדיקט, זײַט
מוחל (ווי אַן אויסדרוק פֿון העפֿלעכקייט,
גינציקייט). ,,איך בעט אײַך איבער, געטויפֿטע
ברידער...ווער ווייסט וואָס אין האַרצן איז פֿאַר
אַ גערידער, נאָר איר האָט נעבעך ניט קיין
ברירה", אבג, דער יוד אין קיִעבֿ. *א, ווי אַן
אייגענע מוטער = מיט זייער פֿרײַנדלעכע,
גינציקע רייד. ,,דער תּירוץ איז אָבער, איך בעט
אײַו איבער ווי אַן אייגענע מוטער, אַ ייִדענע,
מחילה, בלײַבט טאַקע אַ ייִדענע,,, ממוס, מסעות.
*איך בעט איבער אײַער כּ בֿ ו ד — איידעלער
אויסדרוק, ווען מען איז ניט מסכּים. ווען
מע פֿאַרריכט אָדער רײַסט איבער עמעצנס
רייד אע. "אײַ האָט איר דאָך מיך, א, ב, א,

איבערבעטן ▯]

א, כּ', ניט פֿאַרשטאַנען", ממוס, ווינטשפֿ. ,,זאָגט

נאָר, א, בּ, א, א, כּ', און אַז איַיערע כּתבֿים
וועלן קומען אין די גרויסע הענט אַריַין...,,,,
פּרץ, בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רײַזע. „איך
איבּערבּעט נישט איין מאָל, נאָר טויזנט מאָל
איַיער כּבֿוד,,, עט, סערקעלע.
2. דזוו בּ1, נאָר מיט אַ געפֿיל אַז מע
האָט זיך קעגן צווייטן מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט.
„ווען דוא טושׂט דיַין חבֿר...חושד זיַין...מושׂטו
צו אים טרעטן, אונ, אים מיט גוטה ווײנה
אונ אונטר טעניגה רייד איבּר בּעטן“, עיון,
כו/א. „ווי פֿאַלסטו אויס מיך איבּערצובּעטן,
האָסט געזאָגט, איך זאָל דיַין שטובּ ניט
איבּערטרעטן“, א. בּ. רוף, דער שיכּור, וואַרשע
1871. „איך בּעט איַיך איבּער...וואָס איך האָבּ
אויפֿגעמישט אַזאַ שמועס“, ש. בּערנשטיין,
ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו 1884. „פֿיל איך
זיך שולדיק...וויל נאָכגיין און א, — און קאָן
נישט. בּיז הײַנטיקן טאָג קאָן איך קיינעם
ניט א'“, פּרץ, זכרונות.
3. בּאַמיִען זיך אַז עמעצער (אַ צווייטער
צד) זאָל ווידער ווערן גוט, פֿאַרגעסן אַן עוולה,
אַ קריוודע און ווידער ווערן פֿריַינדלעך מיטן
געבּן אַ מתּנה. א, מיט בּלומען, מיט אַ שנירל
קרעלן. „בּיַיא איינס דער פֿיל האָט לאָזט

זיך מיט זולכם [גאָבֿ] ניכט איבּר בּיטן,,, תּורת משה, קאַרלסרוא 1770. איר בּײַטעם: א, מיט אַ (ווײַסער, ווײַסינקע□) כּפּרה, מיט אַ (ווײַס, ווײַסינקע) הינדעלע. שפּאָטיש: א, מיט אַ ראַבּער (שוואַרצער) קאַץ.

4. בּעטן מחילה. ,,דיא ארימן לײַט...איבּר בּעטן...אונ, בּיצאלן וואשׂ איר פֿאטר גיגזלת הוט“, סהמ, איובֿ, כ, 10. ,,וויל ער נאָך ניט מוחל זײַן, זאָל ער ווידר דרײַא אַנדרי לײַט מיט זיך נעמן אונ זאָלן אין העלפֿן איבּר בּעטן,,, לט1, לה/ב. ,,פֿאַר וועלכן הויז מע גייט פֿאַרבּײַ, / מוז מען דאָרט אַרײַנגיין, אָפּטרעטן / און מיט גרויס געוויין און גרויס געשריי / איטלעכן מענטשן א',,, עט, לידער.

5. תּפֿילה טאָן, בּעטן סליחה. ,,זאָגט דער יהודי צו זיי: (די מינים שבּלולבֿ) קומען א, להקבּ,,ה, ער זאָל געבּן רעגן,,, נצ2, כג/ג. ,,...איבּערבּעטנדיק גאָט אין הימל פֿאַרן קינדס נאַרישקייטן,,, ייִז,...קאַרנאָווסקי.

6. מפֿייס זײַן; בּאַרואיקן, אײַנשטילן. ,,האָט ...ר, אבּא גענטפֿערט: מײַן לעבּשׂ טאָג האָט מיר קיין מענש וואז בּיז גטאן, דשׂ איך אים העט ניט איבּר בּעטין אונ, אים מוחל גוועזן, אי [= איי, איידע□] איך בּין שלאַפֿן גאַנגין,,,

,, יח הtדה, פֿיורדא 1737, פרק ו.
איבערצובעטן דעם משׂכּיר...דעריבער דאַרף דער שׂוכר שווערן אַז די קו איז געפּגרט באונס“, שהמ, כז/ג.
7. צו פֿיל פֿאַרלאַנגען; הייסן צאָלן איבער דעם נאָרמאַלן פּרײַז. איבערביטן. ,,אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז נעבעך דעם קרעמער ניט צו פֿאַראַרגן אַז ער בעט איבער דאָפּל, דרײַפֿאַך“, צעד. ,,קענסטו מיר צוזאָגן אַז דו וועסט ערלעך האַנדלען, דו וועסט ניט א, דרײַ מאָל אַזויפֿיל וויפֿל מע דאַרף נעמען,,, יהודא חאַזאַנאָוויטש, קורץ און שאַרף, קעשענעוו 1888. [שווב טײַטשט ,פּרץ, אויך מיטן וואָרט א,.]

איבערבעטן 11

איבערבעטן 11 — [קורצע ע אין אַלע דד]
טרוו. בעט איבער, ~געבעט. 1. איבערמאַכן אַ געלעגער. ,,בעט איבער מײַן געלעגער, איך קען ניט שלאָפֿן אויף אַ פּערענע“, רייד. ,,...האָבן זיי...גערופֿן דאָקטוירים, געבעט און איבערגעבעט, רפֿואות דערלאַנגט“ פּרץ, 'האשה מרת חנה'. 2. איבערציִען בעטגעוואַנט, בײַטן לײַלעכער. ,,ער האָט באַקומען דעם דורכפֿאַל

און קיינער האָט אים איבערגעבעט", אמד,
שטיפֿמוטער, וואַרשע 1864. 3. מאַכן גרייט
אַ געלעגער צום שלאָפֿן, צום אָפּרוען. א אַ

,

בעט. ־עכ ן.

איבערבעטן זיך — ← איבערבעטן 1 .I. קזוו.
איינער דעם צווייטן מוחל זײַן אַן עוולה,
קריוודע; קעגנזײַטיק פֿאַרגעסן אַ פֿאַראיבל, ברוגז.
ווערן צוריק פֿרײַנדלעך. „לאָמיר זיך א', זיך
א', אָבֿינו שבּשמים", חסידיש ליד. „לאָמיר
זיך א', זיך א', שטעל דעם סאַמאָוואַר
...לאָמיר זיך א', א', געגנוג געלעבט ווי גויִם.
לאָמיר זיך א', א, און לאָמיר שרײַבן תּנאָים",
פֿל. „דערנאָך האָבן זיי זיך איבערגעבעטן, האָט
מען געטאָן אַ טרינק אַ ברייטן", אבּג, דער
יוד אין קיִעבֿ. „מע קריגט זיך און מע בעט
זיך איבער, ווידער אויפֿדאָסנײַ צו קריגן זיך",
ממוס, ווינטשפֿ. „זיי צעקריגן זיך איבער אַ
נאַרישקייט, בעטן זיי זיך באַלד איבער. הכּלל,
ס'איז אַ לעבן ווי אונטערן באָד", שע, קליינע
מענטשעלעך. פֿאַרגעסן ווי נאָכן א, זיך.
2. אַזוי ווי ב1, אָבער בלויז פֿון איין צד.
„אַז דו קריגסט זיך, לאָז אַן אָרט (אַ פּלאַץ)
זיך איבערצובעטן", שוו. „מע זאָל ניט זײַן

אַזוי ווי די גבֿעונים, זיי האָבן זיך ניט געלאָזט א',,, ספּר חסידים, ווילנע 1819. ,,כאָטש ער האָט מיטן ווײַב זיך איבערגעבעטן און זיך ניט געוואָלט מער מיט איר גטן", ממוס, יודל. ,,געפּועלט אַז זי זאָל זיך א, צוליב דעם מיט איר ברודער", שע, אין שטורעס. ,,— איך בין אויף אײַך ברוגז... — נישקשה, מאָרגן וועט איר זיו א',,, ספּ, סודות.

3. נאָכגעבן, לאָזן זיך איבעררעדן. ,,(לא יאבֿה) אויך וויל גוט [= גאָט] ניט אונ, לאָזט זיך ניט איבר בעטן,,, סהמ, משלי, ו, 35. ,,דר הובט מן [= הויפּטמאַן] לאָזט זיך איבר בעטן אונ, שרײַבט דא איבר אַן דען קיסר,,, שאַר. ,,אַפּילו די אַלטגעזעסענע האָבן זיך געלאָזט א, און אים אין חבֿרה אַרײַנגענומען,,, ממוס, שלמה.

־עכ□ן — ,,מיט אַרײַנזאָגן זיך...מיט א'ן און קושערײַען,,, י. קייטעלמאַן, איק, פּסח תּשכ"ג. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערבעטעכץ — נפּד, אוקר לאַנגע ע] דאָס, ־ן, (־ער). געשאַנק, מתּנה אויף זיך איבערצובעטן. ,,האָט אונדז דער רבי זאָל לעבן געזאָגט, ער וויל דאָס א, אָננעמען", יפּ.

איבערבעטעריש — אַדי. נעאָל. וואָס איז

פֿון (אָדער ווי בּ□) עמעצן וואָס בעט זיך
איבער. „די זון שײַנט א', גוט־מאַמיש“, מ.
גראָטמאַן, היימיש, 24 □I 1958.
איבערבעל־מלאָכה(ווע)ן — [...
באַלמעלאָכע(ווע)ן] טרוו. ־כה(ווע) איבער, ~געבעל־
מלאָכה(ווע)ט. איבערמאַכן, איבערמלאָכהן (בײַטעם

פֿון ביטול). „ווען די פּאָליצע איז שוין
פֿאַרטיק, קומט ער א'“, רייד.
איבערבענטש — דער, ־ן. נעאָל. נײַע ברכה.
ל. קוטמאַן, נאַרנבונד, 1931.
איבערבענטשן — טרוו. בענטש איבער, ~
געבענטשט. 1. בענטשן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ.
„און אַלע האָבן נאָכאַמאָל איבערגעבענטשט
געלאַסן און מיט כּוונה,„ נ. גאָרדאָן, טמז,
2 .16 X 1958. צו פֿיל בענטשן, ווינטשעווען
גוטס אויף אַ גוזמאדיקן אופֿן. „די אַלטיטשקע
האָט מיך איבערגעבענטשט פֿאַר דער קליינער
טובֿה,„ רייד. ־עניש.
איבערבענקען זיך — אוטוו. בענק זיך
איבער, זיך ~געבענקט. אויפֿהערן בענקען.
א, זיך און פֿאַרגעסן צו שרײַבן.

איבערבעסערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געבעסערט. 1. פֿאַרריכטן, מאַכן בעסער אויף
אַן אַנדער, נײַעם אופֿן. א אַ ניט־געראָטענע
,

אַרבעט. „איז האָב שוין אויסגעבעסערט די
קאָמפּאָזיציע, דו דאַרפֿסט זי ניט א'", רייד.
2. אַרויספֿירן אויפֿן דרך־הישר. א אַ
פֿאַר,
פֿירטן. אויך מיט ז י ך. זיך א, און אײַנגיין
אויף פּשרות. ־ונג.
איבערבעקען — ־קע איבער, ~געבעקעט.
טדוו — דזוו איבערבעב(ק)ען ←. איבערזאָגן
שלעכט, אומקלאָר. א, דעם זעלביקן ענטפֿער.
אוטוו — ווידער אָדער כסדר אַרויסגעבן
קלאַנגען (ענלעכע צו) בע־בע. א, ווי ציגן. ־עכץ.
־עניש.
איבערבערשטן — טרוו. בערשט איבער,
~געבערשט. דזוו איבערבאַרשטן. „...ווען דער
פֿלעק האָט אויסגעטריקנט, בערשט אים איבער
מיט א שטײַפֿער באַרשט„ פֿאָר, 4 X 1965.
-
,
אויב מיט אַ בערשטל — ~בערשטלען.
איבערבראָדזשען, ־דז(י)ען, ־ד(י)ען —

אוטוו. ־דזשע, ־דז(י)ע, ־ד(י)ע איבער; ~
געבראָדזשעט, ־דז(י)עט, ־ד(י)עט. אַריבערגיין
איבער אַ פֿלאַך וואַסער אָדער בלאָטע. „און אַמאָל
פֿלעגן זיי מוזן א'דזען איבער גרויסע זומפּן“,
אמד, החיים הנצחיים, וואַרשע 1878. „אָט דאָ
וועל איך א'דיען“, י. יאָפֿע, אין קעסלגרוב,
מאָסקווע 1929 ־עכץ ־עניש.

. .

איבערבראַזגע(נע)ן — ־גע איבער, ~
געבראַזגעט. אוטוו — הילכיק, מיט אַ בראַזג
ווידער אָדער כסדר קלאַפּן, האַקן. א, מיט די
אײַזנס. טרוו — איבערקלאַפּן, איבערהאַקן מיט
אַ בראַזג. א, די גלעזער, די כלים.
איבערבראָטן — טרוו. בראָט איבער, ~
געבראָטן. 1. בראָטן נאָכאַמאָל. א, די הון, ווײַל
זי איז נאָך האַרט. 2. בראָטן אַ סך אָדער
ביזן סוף. 3. בראָטן צו פֿיל. א, די פֿיש,
זיי פֿאַרשׂרפֿענען אויף קויל. מיט ז י ך —
זיך א, אויף דער זון.
איבערבראָך — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערברעכן. אײַליקער,
פּלוצעמדיקער (פּאַמעלעכער, כסדרדיקער) א'. גלײַכער
(קרומער) א'. 2. ראַדיקאַלער איבערבײַט,
קריזיס. א, אין געזונט־צושטאַנד. אַן א, אין דער

געשיכטע פֿון ייִדישער קולטור. „דער א, אין די שטימונגען פֿון די אַרבעטער זאָל שוין

איבערבּרוך

זײַן אינגאַנצן אַ פֿאָרגעקומענער“, מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבּריק. „נאָר אַ גרויסע אויפֿטרייסלונג קען דאָ פֿירן צו אַן א',„ ימ, קוד, 1942. „איז אין אים פֿאָרגעקומען אַן א',„ אפֿא, טמז, 3 .4 IX 1964. איבּעררײַס. אַן אַנטוויקלונג אָן אַן א'. שטרעבּן צום ציל אָן אַן א'. א, פֿון (אין) באַציאונגען פֿאַרהאַנדלונגען.

,

„קיין זאַך ווערט ניט חרובֿ, /כּל־זמן דו בּיסט דאָ/, כּל־זמן דו בּיסט ערבֿ /פֿאַר מײַן לעצטער שעה. / וואָרט אַזאַ צו זאָגן / אָן אַן א, — דו זאָלסט קענען טראָגן / שיינקייט פֿון מײַן יאָך“, הל, 'צו מײַן זון'.

איבּערבּראָנ(ד)ז(יר)ן — טרוו. בּראָנ( )ז(י)

איבּער, ~(גע)בּראָנ(ד)ז(יר)ט. ווידער, אויף אַן אַנדער אופֿן באַדעקן מיט בּראָנ(ד)ז. א, דעם הענגלאָמפּ אויף פּסח.

איבערבראָנעווען — טרוו. ־נעווע איבער, ~געבראָנעוועט. 1. ווידער, אויפֿסנײַ בראָנעווען, צעדריבלען די אויפֿגעאַקערטע רודעס ערד. א, דאָס פֿעלד. 2. בראָנעווען אַ סך אָדער ביזן סוף.
איבערבראַקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)־בראַקירט. פּפֿ: ~בראַקעווען. 1. ווידער, אויפֿסנײַ זיך פֿאַרנעמען מיט בראַקירן, דורכקוקן, אַרויסנעמען דאָס שלעכטע (אומפּאַסיקע) און לאָזן דאָס גוטע (פּאַסיקע). א, דעם טראַנספּאָרט סחורה. א, דאָס געהילץ אין וואַלד. 2. צו שטאַרק (פֿאַר)בראַקירן. א אַלע חתנים און

,

בלײַבן אַ מויד. ־ונג.
איבערבראָקן — טרוו. בראָק איבער, ~ געבראָקט. 1. ווידער, אויפֿסנײַ בראָקן. א, די ברייטע לאָקשן. 2. צו פֿיל אָנבראָקן. א, (מיט) ליגנס.
איבערבראָשירן — טרוו. ־שיר איבער, ~בראָשירט. איבערבינדן אין בראָשורן פֿאַלש

.

געקנייטשט, מע וועט דאַרפֿן א, דעם לעצטן טויזנט.
איבערברוגזן זיך — [...ברויגעזן] אוטוו.

בּרוגז זיך איבּער, זיך ~געבּרוגזט. אויפֿהערן זיך בּרוגזן (פֿירן אַ בּרוגז). „עט, ער וועט זיך א', וועט נאָכאַמאָל טאַקע קומען בּעטן מײַן לאַסקע“, ממוס, קליינמענטשעלע.

איבּערבּרויזן — בּרויז איבּער, ~געבּרויזט.
אוטוו — 1. צו שטאַרק, צו לאַנג בּרויזן. דער מעד וועט א, און מע וועט ניט קענען אים טרינקען. 2. אויפֿהערן בּרויזן. „ער וועט א', וועט זיך אײַנשטילן„. טרוו — מאַכן עס (מע) זאָל בּרויזן אָדער עס (מע) זאָל אויפֿהערן בּרויזן. א, דעם צאָרן. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

איבּערבּרוינען — טרוו. בּרוין איבּער, ~ געבּרוינט. 1. איבּערפֿאַרבּן אויף בּרוין. א, אַ קלייד. 2. מאַכן צו בּרוין. 3. צובּאַקן. א, די חלה. אויך מיט ז י ך — זיך א, אויף דער זון.

איבּערבּרוך — נר. ← איבּערבּראָך. „קיין איין פֿאַלשער טאָן, קיין בּראָך, קיין ריס, נאָר א', איבּעררים“, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. „געקענט אַרײַנגיין אָן א, אין אַ וואוילקלינגענדיקן 'פֿאַלצעט'“, ש. וויגאָדאַ, פֿאָר 22 3 19 IX.

איבּערבּרומען

איבערבּרומען — בּרום איבּער, ~געבּרומט. טרוו — ווידער, נאָכאַמאָל אויסבּרומען. א, דעם זעלבּיקן ניגון. אוטוו — כּסדר, צו פֿיל, צו שטאַרק בּרומען. א, ווי הונגעריקע בּערן אין וואַלד. מיט ז י ך — 1. איבּעררופֿן זיך איינער מיטן אַנדערן דורך בּרומען. „די לייבּן בּרומען זיך איבּער‟, דא. 2. אויפֿהערן בּרומען. דער ווינט וועט זיך א'. ־עניש.

איבערבּרוקירן — טרוו. ־קיר איבּער, ~(גע)־בּרוקירט. 1. בּרוקירן איבּעראַנײַס, פֿאַרויכטן וואָס איז שוין געווען בּרוקירט. א, דעם שליאַך. 2. בּרוקירן אַ סך אָדער בּיזן סוף. א, אַלע גאַסן און געסלעך. ־ונג.

איבערבּרידערן זיך — אוטוו. ־ער זיך איבּער, זיך ~געבּרידערט. (בּײַם סוף פֿון ערשטער וועלט־מלחמה, אין רוסלאַנד) לויט אייגענער איניציאַטיוו מאַכן שלום מיט אַ צאָל פֿונעם שׂונאס צד. „די סאָלדאַטן אויפֿן פֿראָנט האָבּן זיו איבּערגעבּרידערט מיט די דײַטשן‟.

איבערבּריהן — [...בּעריעה טרוו. בּריה איבּער, ~געבּריהט. איבּערשטײַגן אין בּריהשקייט. א, אַלעמען אין דער אַרבּעט. מיט ז י ך — 1. זייער שטאַרק זיך בּריהן. א, זיך צו

ווײַזן וואָס מע קאָן. 2. אויפֿהערן בריהן זיך. ווערן אויס בריה. א, זיך אויף די עלטערע יאָרן. 3. (קלעזמער־לשון) איבערעסן זיך. פֿרעסן, קײַען אויף ביידע באַקן. „בערל באַס האָט זיך איבערגעבריהט. ליגט אין בעט און כאָליעט„.

איבערבריוולען זיך — אוטוו. ־וול זיך איבער, זיך ~געבריוולט. (שפּאַסיק)

איבערשרײַבן זיך, פֿירן צווישן זיך אַ קאָרעספּאָנדענץ. א, זיך מיט אַ בוזעמפֿרײַנד וועגן אַכצן און דרײַצן.

איבערבריזגען — טרוו. ־גע איבער, ~ געבריזגעט. סל. איבערשפּריצן. א, וואַסער בײַם אָפּרוקן דאָס פֿולע פֿעסל.

איבערברײַען — טרוו. ברײַ(ע) איבער, ~ געברײַ(ע)ט. 1. איבערקאָכן מיט האָפּן, איבערפֿערמענטירן. א, מעד. 2. איבערזאָגן אַ סך מאָל וואָס איז איבעריק, אומוויכטיק.

איבערקײַען און א, די באָבע־מעשׂה —עכ͏ן.

.

־עניש.

איבערבר͏ען — טרוו. ברי איבער, ~געבריט (אויך ~געבריִעט). 1. ווידער, נאָכאַמאָל בריִען. איבערגיסן מיט זודיק וואַסער. א, די פֿעטע טעפּ. 2. איבערזידן, בריִען מער ווי ס'איז

נייטיק. א, די מילך. 3. בריִען אַ צײַט אָדער
ביזן סוף. א, אַלע כּלים בײַם כּשרן אויף
פּסח.
איבערבריקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
געבריקט. איבערוואַרפֿן אַ בריק; אויפֿשטעלן,
לייגן אַ בריק (געניצט געווײנלעך פֿיג). א, די
שאַרפֿע חילוקי־דעות. „עס זאָל פּאַסירן אַ נס
וואָס זאָל...א, אָט דעם תּהום...[און] שאַפֿן אַ
פֿאַרשטענדעניש“, א. ש. יוריס, טמז, 25 ▯ 1960 I.
„דעם אומגעהײַרן תּהום פֿון דער צײַט קאָנען
מיר נישט א'„, ק. כּצנלסון, היימיש, סיוון־תּמוז
תּשכ"א.
איבערבריקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געבריקעט. 1. אַריבערקלאַפּן מיט אַ פֿוס. א,

די פּילקע איבערן פּלויט. 2. ווידער, נאָכאַמאָל
אַ שטויס טאָן מיט אַ פֿוס. „לערן זיך בריקען
די פּילקע מיט מער כּוח. בריקע איבער„, רייד.
מיט ז י ך — א, זיך מיט דער פּילקע. ־עניש.
איבערברעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערברעכן (זיך). א, פֿון
שטראַלן (פֿיזיק).

איבערבּרעכטיק — אַדי. אַרכ.: M▯ ▯ ber־brebten▯. וואָס איז מיט גרויס געטומל, מיט עזות. „וויא [זי▯] האבּן גיהנדלט זא גאַר איבּר בּרעכטיג„, ווינץ.

איבערבּרעכיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) איבּערבּרעכן. א'ע צווײַגן. א'ע שטראַלן. ־יקייט.

איבערבּרעכן — טרוו. בּרעך איבּער, ~ געבּראָכן. 1. (אָנווענדן כּוח און) מאַכן אַז אַ גאַנצע זאַך זאָל צעפֿאַלן אויף צוויי (אָדער מער) טיילן. א, אַ צווײַג, אַ בּרעטל, אַ שטעקן, אַ שטאַבּע אאַזוו. א, די מצה. „אָט די האַנט איז שטאַרק...אָט די האַנט קען א, ווי אַ שפּאָן דעם סלופּ„, הל, 'לידער פֿון אומקום'. *א, דעם שטעקן אויף עמעצן = זייער שטאַרק אָנשלאָגן מיטן שטעקן. *א, רוק און לענד = גוט אָנבּרעכן די ביינער. „רוק און לענד בּאַדאַרף מען אײַך א, און ערשט נאָכדעם אַוועקזעצן אין בּאָד פֿאַר אַ סטאָראָזש„, שע פֿון פּסח

,

בּיז פּסח. וואוילעונגעריש: מע דאַרף אײַו א, די פֿיס און זיי דערלאַנגען אין די הענט פֿאַר צאַצקעס (צו שפּילן זיך). 2. בּרעכן,

צעבּרעכן אַ סך. א, אַלע טעלער, גלעזער אע.
3. בּײַקומען. מנצח זײַן. „אַז מע בּרעכט נאָר איבּער די תּאווה איז שוין אַ נחת“, מס, משלי תּקע״ד, יג, 19. „כ'ציטער פֿאַר אים ווי אַ בּלאַט, ער בּרעכט מיך איבּער מיטן בּליק“, פּרץ, גאָלדענע קייט. 4. איבּעררײַסן. א, די בּאַציאונגען מיט אַ שלעכטן מענטש. א, די קייטן פֿון שקלאַפֿערײַ. [אָבּער נר א, מ י ט ן בֿר, מ י ט דער פֿאַרגאַנגענהייט אע.]
5. (דרוקערײַ) נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש (אויס)בּרעכן אײַנגעשטעלטע זײַטן. 6. אויטוו, דריטפּערזאָניק. קומען צו אַ הויכפּונקט, צו אַ קריזיס און אַרויס פֿון אים. איבּערקומען. די קראַנקייט בּרעכט איבּער, די היץ פֿאַלט שוין. „אַז באם חלילה עס ועט ניט א, צו דער צײַט און ער וועט חס וחלילה ניט אָפּשוויצן, איז ער אַ פֿאַרפֿאַלענער“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
איבּערבּרעכן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל. בּײַקומען אין זיך שלעכטע מידות. „ער אַרבּעט אויף א, זיך, אויף פּעולות און הטבֿה“, חג, צמח אַטלאַס. 2. פֿון זיך ווערן איבּערגעבּראָכן. „זע נאָר דעם לאַנגאָטש, בּאַלד בּרעכט ער זיך איבּער“, רייד. „דער טאַצן־קלאַפּער —

דער אָנדערהאַלבנדיקער בחור, וואָס אָט־אָט
ברעכט ער זיך איבער פֿון לענג און דאַרקייט,,,
אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940. ״מיט אַ
שליטן פֿאָרן איז דאָך גלאַט אַ...הנאה. מע
דאַרף ניט מורא האָבן טאָמער ברעכט זיך
איבער דער אַקס״, נ. ח. לעוונער, דער שטומעך
טאַטע, ווילנע 1898. ״בשעת מיר קוקן פֿון
דער נאָענט..., ברעכן זיך די ליכטשטראַלן [אין

איבערברענען

נעצהײט] איבער שטאַרקער,,, ט. בערלס,
מענטשמאַשין, קיִעוו 1927. ,,נישט קיין שטאָלענע
שטאַבע האָט זיך איבערגעבראָכן — אַ בינטל
לבֿנה־שטראַלן,,, פּרץ, זכרונות.
3. איבעררײַסן זיך. ,,אַלטוואַרג! אונדזער
לעבנס־ליניע ברעכט זיך איבער,,, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ״די אייביקע רו האָט זיך
איבערגעבראָכן,,, ב. לאַפּין, פֿולער קרוג. ,,מײַן
תּפֿילה — זי ברעכט זיך אַזוי פֿיל מאָל
איבער,,, הל, בלאַט אויף אַן עפּלבוים. 4.
אײַנגעוואוינען זיך צו אַ נײַער אַרבעט, פּאָזיציע
אע. א, זיך פֿון שוסטערײַ אין סטאָליערײַ.
5. אומפֿאַלן, אַנידערפֿאַלן (פֿון אַ קלאַפּ)

און בלײַבן ליגן. „איין גוטער זעץ — און ער וועט זיך א„„ רייד. „דער פֿאַרנאַכט איז אומגעפֿאַלן, ער האָט זיך איבערגעבראָכן...און פֿאַרלאָשן געוואָרן“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927. 6. דזוו ברעכן זיך. זיך א, אין דרײַען פֿאַרן האַר.

־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערברען — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערברענען. „עס האַלט דער מענטש אין א'„, ל. קוסמאַן, נאַרנבונד, 1931.

איבערברענג — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערברענגען. אַן אײַליקער א'.

איבערברענגען — טרוו. ברענג איבער, ~געבראַכט (פּד: ~געברענגט). 1. ברענגען פֿון איין אָרט צום אַנדערן. איבערטראָגן, איבערפֿירן. א, מאַטעריאַלן. א, פּעקלעך. א, אַ בריוו. א אַ קלעפּיקע קרענק. א, אין נײַעם

,

לאַנד אַלטע פֿירונגען. „אַ שליח מיוחד וועט אים א, דעם בריוו„, ס. ג. מונק איבז, מסתרי פּאַריז, וואַרשע 1865. 2. דזוו ב1 מיט אַן אָנצוהערעניש אַז עס איז דאָ אַ שטערונג. א, עמעצן איבערן וואַסער. א, איבער דעם פֿראָנט. א, טאַטע־מאַמע קיין אַמעריקע. *זאָלסט עס

ניט א, פֿאַרן מויל = ניט אַרויסזאָגן, ניט
אַרויסרעדן. 3. איבֿערגעבֿן, נאָכרעדן. א,
רכילות. א אַ פּליאָטקע. ,,ווערשׂט קיין
גע,
שוועץ איבֿר בּרענגין און ווערשׂט קיין
לשוןהרע רידן,,, מהמ, אַמשט 1722, ו/ב. 4. ווידער
איבֿערזעצן. ,,לאָזן זיך די ווערטלעך אויף
פּויליש א, צוריק אויף ייִדיש,,, בּלום, ייִשפּ I X,
1. ־ונג. ־עכן. ־עניש.
איבֿערבּרענגער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע
־ס. ווער עס בּרענגט איבֿער. לײַז זײַנען א,
פֿון טיפֿוס. ,,זאָלסטו מיט דיזע א, וואָס
בּרענגען דיר דעם בּריוו מיטשיקן אונדזער גאַנצן
פֿאַרמעגן,,, ל. יאָסעלאָוויץ, דעם פּאָטערס צוואָה,
ווילנע תּרמ"ז. ,,זײַנען פֿאַראַן געטרײַערע א'ס
פֿון ווערטן פֿון ווילנע פֿון וואַרשע?,,, ימ,
,
צוויי רעפֿעראַטן, 1954. ־ערײַ.
איבֿערבּרענען — בּרען איבֿער, ~געבֿרענט.
אוטוו — 1. פֿאַרבּרענט ווערן, בּרענען בּיזן
סוף. דאָס האָלץ האָט שוין איבֿערגעבֿרענט און
דאָס אייוועלע האָט גענומען זיך אויסקילן.
2. קאַליע ווערן פֿון צו פֿיל בּרענען. דער
מאָטאָר בּרענט איבֿער. דאָס עלעקטרישע לעמפּל

האָט איבערגעברענט. דאָס אײַזן וואָס מע האָט געגליט צום אָנטאָטשען האָט איבערגעברענט.
3. אויפֿהערן ברענען. „...ווי טראָפּנס צו אַ

איבערברעקלען

פֿאַרדאָרבענעם צאָן. עס ברענט איבער און מע א בלײַבט ביי דעם ווייטיק“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. „פֿאַרגיין וועט נאָך אַ דור אַ דור, זיך איבערשטרײַכן וועלן יאָרן, נאָר ניט פֿאַרלעשן זיך וועט דער קאַיאָר, ווי דער ניט־איבערברענענדיקער דאָרן„, פּמ, מלחמה. פֿיג.
„זי דאַרף זיך אויסשרײַען, א', דערנאָך ווערט זי ווייך ווי טייג, און גוט, כאָטש לייג זי צו צו אַ מכּה„, סאָוו, היימלאַנד, 6 1965, No.
„דער כּעס בײַ [אים] האָט אָנגעהויבן איבערצוברענען“, אָפּאַ, 'פּעטש'. 4. אויסגעטריקנט ווערן. „מע מוז הייסן אַ גויע זאָל אויסמעלקן די ציג...[עס] וועט איבערגעברענט ווערן די מילך„, אמד, עוזר צינקעס און די ציג, ווילנע 1868. “און זייגן בײַ אַ מאַמע וואָס לויפֿט אַרום אַ גאַנצן טאָג, אַז דאָס ביסל מאָגערע מילך ווערט אויך איבערגעברענט„, א. י. בוכבינדער, ייִפּאָל, 20 1885, No.

טרוו — 1. דורכבּרענען. "די טעפּ זאָל מען
גוט א',,, די מע)ה פֿון דעס שטיקעלע בּרויט,
זשיטאָמיר 1869. 2. דורך בּרענען איין מין
מאַטעריאַל שאַפֿן אַ נײַעם פּראָדוקט אָדער
פֿאַרבּעסערן. א, קאַווע. א, אַ ביסל מעל בּײַם
פֿאַרקאָכן אַ זופּ. א, ציגל. א, קוילן. ,,ווען מע
בּרענט איבּער אַ בּרילקע ערד אין פֿײַער,
געפֿינט מען...אַ שוואַרץ שטיקל", מ. וועבּער, דער
יודישער פֿעלדאַרבּײַטער, וואַרשע 1891. ,,צרי
פֿלעגט מען אַרויסקריגן בּײַם א, פֿאַרשיידענע
...
בּיימער", טמז, 27 XI 1960.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבּערבּרעקלען — טרוו. ־קל איבּער, ~
געבּרעקלט. ווידער, נאָכאַמאָל (צע)בּרעקלען. א,
דאָס שטיקל בּרויט אויף קרישקעלעך. מיט
ז י ך — פֿטמ. אויפֿהערן קאַפּריזעווען זיך.
איבּערגאָבּ — דער, ־ן. סכום וואָס ווערט
געגעבּן מער וויפֿל עס קומט. געבּן בּטעות
אַן א'.
איבּערגאווה — [...גײַווע] די. מצ נבּ. גאווה
וואָס איז איבּער דער מאָס. ,,רעוואָלטירט די
פֿאָלקס־נשמה קעגן נאַציאָנאַלער א',,, ש. ביקל,
שרײַבּער פֿון מײַן דור I ־דיק — אַדי. ווערבּ:

.

איבערגאווהן זיך — זיך פֿירן מיט גרויס גאווה און אויפֿהערן.

איבער, ~גאַלאָפּירט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער איבערגאַלאָפּירן — אוטוו & טרוו. ־פּיר

רײַטן אין אַ גאַלאָפּ. א, (איבער) די גאַסן.
2. טרוו. איבעריאָגן עמעצן גאַלאָפּירנדיק אויף אַ פֿערד. א, דעם אומגעניטן רײַטער. 3. גאָר גיך און אויבנאויף עפּעס טאָן. א, דאָס לייענען. א, איבער די זײַטלעך פֿון בוך. מיט ז י ך — דזוו פֿאַרגאַלאָפּירן זיך.

איבערגאָל▯ גאָלן. א, די מאָרדע. 2. גאָלן — טרוו. גאָל איבער, ~געגאָלט.
1. נאָכאַמאָ
אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, די קעפּ פֿון אַזוי פֿיל אַרעסטאַנטן. אויך מיט ז י ך.

איבערגאַלקעווען — טרוו. ־קעווע איבער, ~געגאַלקעוועט. 1. איבערשטימען מיט גאַלקעס, איבעראַנײַס, נאָכאַמאָל. א, צו וויסן אויף זיכער וועמען מע וויל פֿאַרן גבאי ראשון.
2. געבן עמעצן מער שוואַרצע ווי ווײַסע גאַלקעס. א, און אַראָפּזעצן.

יבערגאַנג — דער, ־ען אָדער ~גענג.
1. אַקט פֿון איבערגיין. „דאַרף מען אויסמײַדן שאַרפֿע איבערגענג פֿון פֿינצטערניש אין ליכטיקייט“, דר, איסעל איבז, אָטאָ שמײַל, דער מענטש, ווילנע 1921. „די א'ען פֿון איין געשטאַלט צום אַנדערן זענען געווען העכסט נאַטירלעך“, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. „דער א, פֿון אַרבעטן בײַם פֿעאָדאַל צום אַרבעטן בײַם קאַפּיטאַל„, בערג, בײַם דניעפּער II. „ אויסמײַדנדיק...לאַנגע הקדמות,...אַן א, צו דעם עצם פֿון דער זאַך„, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. (אַקטיאָריש) ניטבאַרעכטיקטער א'.
2. אָרט פֿון אַריבערגיין אָדער מיטל אויף אַריבערצוגיין. פּרימיטיוו בריקל, ברעט, קלאָץ, איבערגעוואָרפֿן איבער אַ גרוב, וואַסערל אע. אַ צעבראָכענער א,. אַ סכּנותדיקער א'. איבערוואַרפֿן אַן א, איבער אַ ריטשקע.
3. עפּידעמיע, מגיפֿה. פֿאַרשפּרייטע אָנשטעקיקע קראַנקייט. אַן א, אויף בהמות. „וואָס איז דער חידוש אַז עס איז אַזאַ קינדער־א,

און וואָס אַזוי פֿיל יונגע קימפּעטאָרינס גייען
פֿאַר דער צײַט אַוועק פֿון דער וועלט,,, א. ש.
זאַקס. ,,עס איז בײַ איר געווען אַ פֿאַרקילונג,
אַן א,‘‘, ג. ח. לעוונער, דיא פֿאַרמאַסקירטע כלה,
ווילנע 1898. ,,איז געווען אַן א, אויף טיף.
די באַצילן פֿון טיף זײַנען געווען אין
טײַדוואַסער,,, ב. ב־קי, אונזערע פּאָדערונגען,
זשענעוו 1905.

4. דאָס איבערגיין פֿון איין צײַטאָפּשניט
אין לעבן צו אַ צווייטן. פֿון קינדהייט צו
דערוואַקסלינגשאַפֿט, צו פֿולער צײַטיקייט, אויך
אין לעבן פֿון אַ פֿרוי, אויך פֿון פֿולע כּוחות
צו עלטער. ,,בײַ אונדז ייִדן מאַכט די חתונה
דעם א, פֿון קינד צו מאַן‘‘, געגנאַרטע וועלט,
1815? ,,[ער] איז עפּעס אַראָפּ פֿון פּנים...האָב
איך דאָס צוגערעכנט צו דעם א, פֿון די
ייִנגלשע יאָרן צו די יאָרן פֿון אַ בחור,,, ממוס,
אַ גרויע האָר'. ,,דער ייִדישלעך־פֿרייִער א,
,
צו די מענער־יאָרן‘‘, פּרץ, זכרונות. א'־ע
לט ע ר. ,,אונטער דער ווירקונג פֿון א'־ע, און
פֿון דער נאַטור...האָט אָנגעהויבן אין אים
עפּעס אויפֿצוכאַפּן זיך, עפּעס האָט אים
געצויגן ערגעץ‘‘, שנ, וועגן יודישע שרײַבער I.

א'־פּ ע ר י אָ ד   פֿרויען אין א'ס־פּ, לײַדן אָפּט

. „

אויף קאָפּווייטיק צוליבֿ דער
איבֿערשפּירעוודיקייט פֿון זייער נערוון־סיסטעם“ פֿגעז,
פּאַריז

,

1949, No 13־14. א'־צ ײַ ט. „זײַנען די
וואַנדערונג־ און לערע־יאָרן פֿאַר אים נאָר אַן א'
סצײַט„, מ. שיפּֿפֿעל, די עקאָנאָמישע
איבֿערקערענישן, זשענעוו 1904. אויך א, פֿון איין צײַט
אין יאָר צו אַ צווייטער. „בײַם א, פֿון האַרבֿסט
צו ווינטער, קיל איך זיך צו„, רייד.
5. דאָס אַריבֿערגיין פֿון איין תּקופֿה אין
אַ צווייטער, אַן אַנדערשדיקער. א, פֿון
מיטלעלטער צו דער נײַער צײַט. א, צו
אינדוסטריאַליזירונג. “די געשיכטע פֿון אונדזער צײַט,
דער צײַט פֿון א'“, קאָר I. „דער א, אין אַזאַ
קורצער צײַט פֿון אַ טראַגעדיע וואָס האָט
אומגעבֿראַכט אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק צו
דער עפּאָכע פֿון זעלבשטענדיקייט און אויפֿבוי'„,
טמז, 2 ▯ 1964 I. „מיר האַלטן ערשט בײַ דעם

איבֿערגאָ▯ ערן

א'ס־פּעריאָד, עס זענען נאָך פֿאַראַן...וואָס
ווילן...צוריקהאַלטן דעם לאָקאָמאָטיוו פֿון דעם
צײַט־גײַסט,,, קמ, 34 1865' No.

6. צײַטווײַליקע שטימונג אָדער דאָס
איבערגיין פֿון איין שטימונג אין אַ צווייטער, פֿון
איין געמיט־צושטאַנד אין אַ צווייטן. ,,עס איז
בײַ מיר אַזאַ א',,, שע, סטעמפּעניו. ,,דער א,
פֿון צווייפֿל צו גלויבן,,, שנ, שלום אַש. ‘‘דער
א, פֿון יום־טובֿ צו וואָך לאָזט זיך
איבערהויפּט שווער צו פֿילן דעם ייִדן,,, ממוס, שלמה.

7. (מוזיק) דאָס איבערגיין פֿון איין טעמפּאָ
אין אַ צווייטן, פֿון איין אופֿן שפּילן צו אַ
צווייטן פֿון איין טייל קאָמפּאָזיציע צו אַ
,
צווייטן   פֿון פֿריילעכס גייען די קאַפּעליעס
. ,,
איבער אויף אַ וואָלאַך, פּשוט איבערגעשוואומען,
מ'האָט דעם א, ניט געפֿילט‘‘, פּרץ, פֿאָלקסט,
געשיכטן.

8. פּאַמעלעכער, כסדרדיקער אָדער
פּלוצעמדיקער בײַט אין אויסזען, אין פּאַנאָראַמע. א,
פֿון אַ געבערג אין אַ פּליין. ,,מערקווירדיק איז
דער...א, פֿון וואָליניע אין קליין־פּוילן‘‘, ארז,
קמ, 3 1870, No. אַזוי אויך אין מ אָ ל ע רײַ:

קאָלירן־א, פֿון איין שאַטירונג אין אַ צווייטער.
פֿיג. „אַ פֿליסיקער א, פֿונעם לירישן
אונטערשטראָם צו אַן עפּישער אייבערפֿלאַך“, שנ,
.1924

9. יעדעד מין איבערבראָך, קריזיס. אַן א,
אין אַ לענגערער קראַנקייט. □ס'איז בײַ אים
אַ שווערער א', ער האַלט בײַם באַנקראָטירן“,
רייד. א'־מאָמענט. א'־מעת־לעת.

1O. יעדער מין איבערגיין פֿון איין שטאַפּל
אין אַנטוויקלונג צו אַ צווייטן. א, פֿון איין מין
אין אַ צווייטן. א'־ס ט אַ ד י ע. „אַ קאַטעגאָריע
מענטשן וואָס מיר רופֿן...א'ס־טיפּן“, בעמ □I.
„בײַ דעם א, פֿון דער פֿיזיק פֿון באַוועגונג
צו דער פֿיזיק פֿון שטראַלונג“, גוטנ. „דער א',
די שטרעבונג צו עפּישקייט...איז פֿאַר דער
שפּעטערער, רײַפֿערער ליריק...נאָך מער
כאַראַקטעריסטיש,„ שנ, ייִד, שרײַבעדס אין סאָוו,־
פֿאַרבאַנד. „דער א, פֿון אַ פֿרײַער,
אומאַקאַדעמישער שפּראַך צו אַ קאָרעקטער
מלוכהשפּראַך“, נאַד, טינט און פֿעדער.

11. בכלל דאָס וואָס איז (בינדט זיך מיט
זײַן) צײַטווײַליק. דאָס וואָס איז בלויז אַ
פֿאַרבינדונג. „די נײַע לערער באַטראַכטן זייער
אַרבעט אַלס אַן א'ס־פּעריאָד צו זייער ספּעציעלן

פֿאַך,,, פּבּ. א'־ע ל ע מ ע נ ט. ,,זי איז טאַקע
נישט מער ווי אַן א'־פּונקט,,, בּערג, נאָך
אַלעמען. ,,[די ראַבּינער־שולן] זענען מער צו
בּאַטראַכטן אַלס א'ס אַנשטאַלטן,,, ארז, קמ, 1870,
-
No 12. ,,געלט־סומען אויף א,־רעכענונג,,, בּ.
האַלפּערן, האַנטבּוך...פֿון אַ פֿאָלקסבּאַנק,
ווילנע 1922. א'־ל אַ ג ע ר — אין דער נאַצי־תּקופֿה
אַ לאַגער וואו מע האָט אַ קורצע צײַט
געהאַלטן די דעפּאָרטירטע פֿון די געטאָס. ,,האָבּן
די היטלעריסטן אויפֿגעשטעלט אַן א'־לאַגער
אויף צו בּאַרואיקן די ייִדן און צו נאַרן“, פֿאָר,
27 4▯19 XI.
12. (שוסטערײַ) טייל פֿון זויל לעבּן
אָפּצאַס. ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928.
איבּערגאָנערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~
געגאָנערט. אַ לענגערע צײַט, אַ סך גאָנערן. אויך:

איבּערגאָס

פלאַפּלען אַ סך, רעדן הויך. זיי קענען א, ווי
גענדז, גאַנצע שעהן.
איבּערגאָס — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבּערגיסן. 2. עודף אין פֿליסיקייט, וואָס גייט

אַריבער די ברעגן. א, פֿון וואַסער, ווײַן אע.
פֿיג. א, פֿון געפֿילן. א, פֿון רייד.
איבערגאָ'ר — אַדוו. בסך־הכּל, ווען (אַז)
הויך. "בײַ דעם מלמד האָבן געלערנט א, זעקס
תּלמידים", הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית
לוי, קעשענעוו 1934.
איבערגאַרבן — טרוו. גאַרב איבער, ~
געגארבט. 1. אויפֿסנײַ גאַרבן. א, די פֿעל אין
־ שער דעמבענער קאָרע. 2. גאַרבן אַ סך

פֿרי
אָדער ביזן סוף. א, די די ביטן פֿעל ־ונג.

.
איבערגאָרגלען — טרוו. ־גל איבער, ~
גע(קורלאַנד, זאַמעט)
איבערשווענקען דעם האַל
דז. א, מיט זאַלצוואַסער. 2. פּעיאָ.
גאָרגלט. 1.

איבערזינגען. מיט ז י ך — גאָרגלען זיך און
אויפֿהערן, ניט קענען מער זינגען. „דער
אַלטער חזן האָט זיך שוין איבערגעגאָרגלט,,,
דיין.
איבערגאַרטלען — טרוו. ־טל איבער, ~

געגאַרטלט. 1. אַרומבינדן מיט אַ גאַרטל. א, קאַפּאָטע. א, די קינדער צום דאַוונען, זיי זאַל
ן אויסזען ווי דערוואַקסענע חסידים. 2. ווידי

דער, אויף אַן אַנדער אופֿן פֿאַרבינדן מיט אַ גאַרטל. מיט ז י ך ־עניש.

.

איבערגאַרן — אוטוו. גאַר איבער, ~געגאַרט. באַגערן פֿאַרשיידנס, אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, נאָך פֿרײַהייט, נאָך דער גאולה.

-

איבערגובֿרן — [...גויוערן] טרוו. גובֿר איבער, ~געגובֿרט. איבערשטאַרקן, איבערזיגן. א, דעם יצר־הרע.
איבערגוואַלד — אַדוו. פּפֿ: ~געוואַ'לד. קעגן דעם ווילן. מיט כוח, מיט צוואַנג. טאָן

עפּעס א'. „'ותּלקח אסתּר, — אסתּר איז
געזנומען געוואָרן א'„, נוצ. „גײַסט איז ניט קיין
קערפּער. מע קען אים ניט צונויפֿזעצן א'",
א, מעש„ה [מ. עפּשטיין], די אומגליקליכע
יתומה, וואַרשע 1878. „ער טוט דאָס ניט ווײַל
ער וויל, נאָר ווײַל ער מוז, א„ יוצא צו זײַן
פֿאַר דער וועלט", מ, ב, ר, ך [מ. כּץ], דער
קאַראַבעלניקל, ווילנע 1900. „מיט בּייזן און
א, מאַכט מען מיט ייִדן גאָרניט", איש יהודי
[לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטערבּורג 1901,
25 No. "א אַמאָל צונויפֿגעקליבּענע...גייען
מענ,
טשן, גייען אײַנגעבּויגענע", הל, 'איבּער וועגן
אַ◌ּדיקן
דערגרייכונגען. ווערבּ: איבּערגוו —
סיבּירער, ־יק — אַדי. א'ע בּעט. א'ע
אַ

איבּערשטאַרקן, אײַנבּרעכן. "עס טויג ניט
איבּערצוגוואַלדיקן די קינדער", רייד.
איבּערגוואַלדעווען — ־דערוע איבּער, ~
געגוואַלדעוועט. אוטוו — א כּך, אַ לענגערע צײַט

גוואַלדעווען, שרײַען. טרוו — גוואַלועוועןהעכער, מער, שטאַרקער ווי אַן אַנדערער. ״אָט
דער קלײנער יאַט קען א, אַלע קינדער״, רייד
מיט ז י ך — אויפֿהערן גוואַלדעווען.
איבערגיוינט(עווע)ן — טרוו. ־ט(עווע)
איבער, ~געגווינט(עוועט). (שלאָסערײַ,

סטאָליע892

רײַ) איבערדרייען אָדער איבערמאַכן אַ גווינט,
אַ שרויף.
איבערגוט — אַדי. צו גוט, איבער דער מאָס.
זײַ ניט א,. ־(ס)קייט.
איבערגויאיש — אַדי. צו גויאיש,
איבערגעטריבן גויאיש. בײַטן דעם כשרן ייִדישן
נאָמען אויף עפּעס אַן א'ן. —קייט.
איבערגוס — דער, ־ן. דזוו איבערגאָס. א,
פֿון בלאָטע אויף די רעדער, לויט דרייזין.
,,און די זון איז לויטער, אָנגעלאָדן מיט אַן
א, פֿון פֿלאַמען,,, הל, אין טרעבלינקע.... ,,
ווייכער א, פֿון די שטומע כוואַליעס,,, י.
ליסקאָוויץ, אַמעריקאַנער, 8 ‏▯ 1958 III.
איבערגוססן — [...גויסעסן] אוטוו. גוסס

איבּער, ~געגוֹססט. אויך: ~גוסען.
איבּערקומען די גסיסה. א, אין פּײַן און בלײַבּן
פֿאַרשטאַרט.
איבּערגטן — [...געטן] טרוו. גט איבּער, ~
געגט. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן גטן. א,
די ווײַבּ אויף אַ ציווילן אופֿן. מיט ז י ך —
,,מע האָט ניט אָנערקענט דעם מעקסיקאַנער
גט, האָבּן זיי געדאַרפֿט זיך א',,, רייד. (זיך)
א, (מיט) עטלעכע ווײַבּער.
איבּערגיי — דער, ־ען. אַקט פֿון איבּערגיין.
דער א, פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. ־אונג
— פּראָצעס פֿון איבּערגיין. א, פֿון איין פֿאָרעם
אין אַן אַנדערער.
איבּערגייאיק — אַדי. וואָס גייט איבּער,
האָט די טבֿע איבּערצוגיין. צײַטווײַליק,
אומבּאַשטענדיק. א'ע דערשײַנונגען. א'ע שלאַפֿקייט.
א, ווי דאָס מענטשלעכע לעבּן. ־יקייט.
איבּערגיין — אוטוו. גיי איבּער, בּין ~
געגאַנגען
1. גיין פֿון אָרט צו אָרט. גיין אַ סך
. אויך: ~געגאַ(נע)ן. ← אויסגיין,
אוטנן.
אָדער בּיזן סוף. א, איבּער אַלע דערפֿער פֿון
אומגעגנט. ,,איך בּין איבּערגעגאַנגען איבּער אַלע

ערטער פֿון זיי אַלע און איבער דײַן אָרט
אויך״, נחב, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'.

2. אַריבערגיין, אַריבערקומען. גיין (פֿאָרן, שווימען אע) ווײַטער אָדער איבער עפּעס. א, איבער אַ בריק(ל). מלל פֿאַרטײַטשט 'ועבֿרתּי בארץ מצרים, (שמות, יב, 12): ״איבר גיהן,,.. ,,יִידעלעך, אַליין טאַקע שלאַפֿינקע, רירעוודיקע, קענען...לאָזן א, איבער זיך אַזעלכע גרויסע כוואַליעס״, ממוס, שלמה. *א, איבערן קאָפּ = פּד. זײַן פֿאַרוואונדערט און ניט קענען באַנעמען. אויך פֿון איין מצבֿ אין אַ צווייטן. ,,זײַן געשווינדער א, פֿון דער וואַרעם אין קעלט מוז זײַן זייער שעדלעך״, מלכּה בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע 1836.

3. איבערקלײַבן זיך; אַריבערגיין וואויגעו (לעבן) פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן. א, פֿון דאָרף אין שטאָט, פֿון שטאָט אין דאָרף. ,,לאשׂ אונז נייארט גין פֿון הינן, אונ, מיר ווען הין איבר גין גאַר ביהענד, דורט הין אין יענם ענד,,, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. אויך וועגן שטאַרבן. ״ווירקלעך איז זי נאָך אייניקע טעג אין אַ בעסערע וועלט איבערגעגאַנגען״, אפּ״ד, דיא צוריקגעקאָמענע ליעבע, ווילנע 1894.

איבּערניין

4. דריטפּערזאָניק. דורכגיין. ווערן דורכגענומען, דורכגעדרונגען. אַ פֿראָסט, אַ קעלט, אַ סקרוך גייט איבּער איבּערן גאַנצן לײַבּ. „עס גייט אויך איבּער אַ גרויל, אָנקוקנדיק דאָס דאָזיקע פֿאָלק“, ממוס, אָ סגולה.... „אַז מע דערמאַנט זיך אַז זי וועט אַזוי אייבּיק קאָמאַנדעווען, גייט איבּער אַ גרויל איבּערן לײַבּ“, בּערג, בּײַס דניעפּער I.

5. (ווען אָ ר ט) פֿאַרבּײַגיין. א, איבּער די געשטעלן אויפֿן יריד. „אַלי די פֿר בּבֿל איבּר גין ווערן זיך ור וואונדערן...איבּר אַל אירן פלוגן“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602. אויך פֿיג. „אַלע מחשבֿות וואָס גייט אים איבּער אויף זײַן האַרץ“, חה, ב, 188. „טאָמער וועט אײַך א, אַ שלעכטער געדאַנק און איר וועט וועלן זאָגן...„, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „מיר הייבּט אָן א, אַ געדאַנק: אפֿשר טאַקע יאָגט מען זיך נאָך אונדז?“, שע, בּלאָנדזענדע שטערן II. „עס גייט איבּער אין דמיונות טויזנטער געדאַנקען“, פּרץ, חסידיש.

6. (ווען צ ײַ ט) פֿאַרבּײַגיין. דער ווינטער (זומער, שלעכטע צײַט) וועט א'. „אַז די צײַטן

וועלן א'..., ווערט אָפּגעטאָן פֿון אים דער חיובֿ", חת, א, 18. ,,'לוף שעבֿרה עליו שבֿיעית, — לוף (דאָס איז אַ מין ציבעלע) וואָס איז איבערגעגאַנגען איבער זיי שבֿיעית...[שמיטה]", זרעים, נז ב. ,,אַז די ערשטע אויגנבליק פֿון ווידערזען זענען איבערגעגאַנגען..,,, קמ, 31 1864, No.
,,לאָז נאָר א, דער יום־טובֿ, אַזוי מאַך איך די ערשטע פּרווו", שע, פֿון פּסח ביז פּסח.
,,אוף די מתים וואָשׂ שון איבר גנגין צוועליף חדשים, זאָל מן אוף זיא מתפּלל זײַן אַלי חודש, דען מן פֿר קערט דשׂ פֿײַאר פֿון (גיהנם) אַלי חודש", ספֿר חסידים, תּק"ז?, סימן קנה.

7. פֿאַרענדיקן זיך, אויפֿהערן; דורכגיין, איבערקומען. ,,דער רעגן וועט א', וועלן מיר אַרויס פֿון שטוב", רייד. ,,זיך באַהאַלטן מיט איר אין אַ גרוב..., ביז דער רעש וועט א',,, נחבֿ, 'מעשׂה מבערגיר והעני'. ,,קיין שום גזירה פֿון דעם הימל און קיין שום שלעכטס וועט אויף אים ניט א'", קה. ,,דאָס טיי־טרינקען איז איבערגעגאַנגען נישקשה,,, שע, יוגנט־ראָמאַנען.

8. (וועגן ק ר אַ נ ק י י ט) פֿאַרבײַגיין, זיך אויסשטיין (ווידער ווערן געזונט). די צוקילונג מוז א, אין עטלעכע טעג. ,,ביז דער חתונה

וועט א'“, פֿוול, ווען מע באַקלאָגט זיך אויף
אַ ווייטיק, אַ קליינעם וואונד אע. „דער רופֿא
איז געקומען..., געשטעלט באַנקעס, געזאָגט:
נישקשה, עס וועט אים א'“, ממוס, שלמה. „די
ווייען גייען איבער און רייזל בלײַבט ליגן אַ
פריטשמעליעטע“, שע, קליינע מענטשעלעך....
“די רופֿאים זאָגן אַז ס'וועט א', ס'דאַרף האָבן
אַן אויסשטאַנד„, סמב.
9. (וועגן ג ע פֿ י ל, איבערלעבונג).
פֿאַרבײַגיין, דורכגיין, ניט ווערן. “די סכנה איז
געבליבן, אָבער דער שרעק פֿאַר איר איז
איבערגעגאַנגען“, רייד. אַז די אויפֿרעגונג וועט
א', וועט דער פּולס ווידער ווערן נאָרמאַל.
„רײַב (אײַן) דעם תּחת אין אַ שטיין, וועט דיר
דער כּעס א'“, פֿוול (גראָבער אופֿן רעאַגירן
אויף עמעצנס כּעס). „אַ קלוג ווײַב וואָס קען

איבערגיין

איר מאַן...לאָזט אים צו רו, ביז דאָס משוגעת
וועט א'“, שע, אין שטורעם.
10. ווערן איבערגעפֿולט און אַריבעררינען
איבער די ברעגן, איבערגיסן זיך. דאָס טעפּל
גייט איבער. „מאַך קלענער דאָס פֿײַער, די

מילך קען בּאַלד א'“. „ס'איז אַ געוויסער, דער ניעמאַן גייט איבּער„, רייד (קאָוונע). “ווען ער זי[ד]ט, זא שטוסט מן דרײַא גליאנדיג גיבּראנט דריין, דז דשׂ וואשׂיר איבּר גיט, זא איז ער כּשר„, ספֿר המנהגים, אַמשט l723, יג/ב. „מע זאָל דעם כּוס גוט ריין מאַכן און זאָל אַרײַנגיסן מער פֿון אַ שיעור, אַז עס זאָל א',„ לט2, נז/א. *דער כּוס (בּעכער) גייט שוין איבּער = וועגן כּוס פֿון צרות (טרערן), דה מע קען שוין מער ניט אויסהאַלטן. „אַלע טײַכן גייען אין ים און דער ים גייט אילץ נישט איבּער“, מס, קהלת תקע“ט, א, 7. „ דײַנע ווײַנקעלער [וועלן] א, מיט גערעטעניש“, מס, משלי תּקע“ד, ג, 10.

די א ו י ג ן גייען איבּער = ווערן פֿול מיט טרערן. „אַז דאָס האַרץ איז פֿול, גייען די אויגן איבּער“, שוו. „אַזוי זידלען אַז די אויגן זאָלן א'“, פֿוול. „עס זײַנען אַלטער־לעבּן די אויגן איבּערגעגאַנגען פֿאַר גרויס שׂמחה“, ראָבּינזאָהן II, ווילנע 1880. „די אויגן גייען זיי שוין איבּער בּײַם טרינקען“, י□Iראל אָרנשטיין, רעיונות י□ראל, יאַס 1893. „אויסטרינקען אַ קוואַטירל אָקעוויט און זיך קיין קרים נישט געבּן, אַפֿילו די אויגן מעגן אים א',„

אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895.

די ג אַ ל גייט איבער = ווערן פֿול מיט ביטערקייט, רוגז, כּעס פֿון אַזאַ רשעות און
. ,,
חוצפּה מוז די גאַל א'“, רייד. “וואו אים איין דינר ניט גיפֿאַל, דא גיט אים איבר די גאַל,,, צוכט. ,,המן האָט גיזעהן מרדכי זיצן, דא איז אים דיא גאַל איבר גיגאַנגן“, צאינה, אסתּר. ,,ווען איינעם גייט איבער די שוואַרצע גאַל, אַזוי איז זײַן קאָפּ מיט בייזע געדאַנקען פֿול“, משל הקדמוני, אוסטרהא 1808. “ס'איז מיר איבערגעגאַנגען די גאַל, האָב איך צוגעביסן מיט די ציין,,, מ. י. בערדיטשעווסקי, ייִדישע כּת יס.

דאָס ה אַ ר ץ גייט איבער = ווערן פֿול מיט אַ (שווערער) שטאַרקער איבערלעבונג, דורכגענומען ווערן פֿון אַ געפֿיל (און באַרואיקן זיך). ,,אַז דאָס האַרץ גייט איבער, גיסט זיך עס אויס“, שוו [דריקט מען אויס, רעדט מען אַרויס וואָס עס קלעמט]. ,,בײַ טייל גייט איבער דאָס האַרץ, בײַ אַנדערע פלאַצט עס“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,רחלען איז דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען פֿאַר גליק און זעליקייט“, יהל, די קאָלאָניסטן I, וואַרשע תּר,,ץ. *ל אָ ז ן דאָס

האַרץ א, = פֿאַרחלשט פֿאַרהונגערט ווערן.

,

,,נעם אין מויל אַרײַן, לאָז ניט דאָס האַרץ א'‘‘.
דאָס מ ו י ל גייט איבּער = א) ווערן פֿול
מיט רייד. ,,אַז דאָס האַרץ איז פֿול, גייט
איבּער דאָס מויל‘‘, שוו; בּ) ווערן פֿול מיט עסן
(אָדער בּאַגערן עסן). ,,אַז מען איז ניט פֿויל,
גייט איבּער דאָס מויל‘‘, שוו. די ס מ אַ ה ע
(סמײַע, סלונע, שמײַע, שפּײַעכץ) גייט איבּער
= ווערן פֿול מיט אַ בּאַגער צום עסן (צו
יעדן קערפּערלעכן תּענוג). ,,מײַנע הונגעריקע

קאַבּצאַנסקער ייִדן בּאַלעקן זיך, עס גייט זיי
איבּער די סמאַהע,,, ממוס, ווינטשפּ. ,,ער שלינגט
זי מיט די אויגן, די טרייפֿענע סלינע גייט אים
איבּער,,, רייד.
די ש י ס ל גייט איבּער = זי איז פֿול,
מע האָט גענוג פּרנסה. ,,בּײַ מײַנע עלטערן
אין הויז איז אַ בּיסל ענגלעך און די שיסל
גייט בּײַ זיי נישט איבּער‘‘, טמז, 23 □ 1965 III.
11. אַריבּערקומען אין (אונטע □) אַו אַנדער
רשות (וועגן פֿאַרמעגן אָדער מענטשן). די

ערד פֿון די פּריצים וועט א, צו די פּויערים.
„האָב איך געהערט אַז בנימין איז אויס
בעלהבית, זײַן הויז מיט האַק און פּאַק איז
איבערגעגאַנגען אין פֿרעמדע הענט“, ממוס, 'די
אַלטע מעשׂה,. „אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן...
וואָלטן מיר געקענט האָבן, ווען אַלע אַנדערע
געשעפֿטן זאָלן א, צום פֿאָלק„, ש. פּעסקין איבז
ניעדער מיט די סאָציאַליסטען, נ„י 1895. „דער
גראַף זעצט אָן...און...[דאָס דאָרף] גייט איבער
צו דער באַנק“, בערג, נאָך אַלעמ ן. *א, אין
(אויף, צו) אַנדערע הענט = אין אַן אַנדערנס
רשות. *א, פֿון האַנט צו האַנט = א) בײַם
פֿאַרקויפֿן אָדער איבערגעבן עפּעס פֿון איינעם
צום אַנדערן; ב) וועגן אַ פֿרוי, מיט סעקסועלן
ב. אויך: *א, מיד ליד [מיִיאַד לעיאַד]. *א,
אויף די הענט פֿון עמעצן = אונטער זײַן
השגחה. א, פֿון איין בעל־הבית צו אַ צווייטן.
„גיב איך אַ מאַך מיט דער האַנט אויפֿן גאַנצן
עולם, לאָז ער א, צו אַנדערע שרײַבער אין
די הענט“, ממום, ספֿר הבהמות. „ווי זאָגט
איר, לאָזן זיי א, אויף אַנדערע הענט„, שע,
אָרעמע און פֿריילעכע I. „הײַנט ביסטו
איבערגעגאַנגען צו עטלעכע גראָבע מענטשן מיט
שלעכטע כאַראַקטערן“, מרדכי אָסטראָווסקי,

אַמענטש אָהן אַקאָפּ, זשיטאָמיר 1876. *א, פֿון מויל צו מויל = (וועגן אַ ידיעה, סוד, רכילות אע) פֿון איינעם צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן אאַזוו. די שיינע מעשׂה וועט שוין א, פֿון מויל צו מויל.

12. אַריבערקריגן פֿון פֿריִער, באַקומען בירושה. איבערנעמען. די שטאָט אין מזרח וועט א, צום עלטסטן זון. „איך רייד ניט פֿון דעם ריינעם ייִדישקייט וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אונדז במסורה פֿון משה רבינוס צײַטן“, ממום, 'בישיבֿה של מעלה„ “סטעמפּעניו — דאָס איז אַ מין צונעמעניש וואָס איז אים איבערגעגאַנגען בירושה פֿון זײַן טאַטן“, שע, סטעמפּעניו. „די מחלוקת פֿלעגט א, בירושה פֿון די עלטערן צו די קינדער„, מ. א. שאַצקעס, ' בילדער פֿון דער ליטע, [יוד, פֿאָלקסביבליאָטעק, קיִעוו l888, l No]. „און אַ וואונד וועט שוין זײַן אין האַרץ און זי וועט שוין א, פֿון דור צו דור“, י. מ. ניימאַן, שבת־אויבס.

13. פֿאַרלאָרן גיין. האָבן שאָדן (און ניט לייגן קיין אַכט אויף דעם). זאָל מ ײַ נ ס א, = א) איך בין גרייט מוותּר צו זײַן; מעג איך שוין האָבן דעם אָנווער; ב) גרייט מוותּר צו זײַן אויפֿן אייגענעם כּבֿוד, אָנזען, מיינונג

אע. „ער פֿלעגט שטענדיק אָנרירן יענעמס פּראַצע און ז ײַ נ ס פֿלעגט ער נישט לאָזן א, אַפֿילו קיין פּרוטה“, משה אַהרן גליקמאַן, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898. “האָט געלאָזט דאָס א

יאיבּערגיין

ר י ק ע א, און געלאָזט רופֿן איר שוועסטער“, אמד, רויזע פֿינקעל, ווילנע תּרל“ד. “ווען קויפֿט, זאָל ער...[מותּר זײַן] ווען עטוואָס פֿעלט, און אַז ער גיט אָדער ער פֿאַרקויפֿט — זאָל ז ײַנ ע עטוואָס א'“, י. ל. יאַסעלאַוויץ, תּו ◻ ◻ חת מוסר, ווילנע תּרל“ו. „ז ײַ נ ס זאָל א, — דאָס איז נישטאָ„, שע, אין שטורעם.

14. בּאַקומען אַן אַנדער פֿאָרעם (נאָכן פֿאַרלירן די פֿריִערדיקע). „אָט אַזוי גייען זיי איבּער פֿון איין גלגול צום אַנדערן גלגול, בּיז זיי ווערן...שמאַטעס“, ממוס, שלמה. „קיין טייל שטאָף ווערט נישט געבּוירן און ווערט נישס פֿאַרשוואונדן. ער קען נאָר א, פֿון איין צושטאַנד אין אַ צווייטן“, גוטנ. „דאָס פֿאַרהאַרטעוועטע ...ווערט ווידער פֿליסיק, איין פֿאָרעם גייט איבּער אין אַן אַנדער פֿאָרעם“, קאָר II. “אין דער נאַכט...איז שוין אָט דער דאַמף געווען

איבערגעגאַנגען אין אַ געדיכטן ברוינעם נעפּל,,, בערג, אין אַ פֿאַרגרעבערטער שטאָט.

15. צוגעבן, אַריבערבערעגען אין אַן אַנדער נוסח אָדער פֿאָרעם (ספּעצ אויפֿן שטח פֿון קונסט). א, פֿון נוסח אַשכּנז צום נוסח ספֿרד. א, פֿון מאָלערײַ צו סקולפּטור. א, פֿון די נידעריקע טענער צו די הויכע. א, פֿון איין סיסטעם אין דער טעכניק צו אַ צווייטער. ,,...צעגיסט זיך אויפֿן העלדזעלע אין שטייגער, איבערגייענדיק פֿון דער געמבע אין אַ בײַקול", ממוס, ווינטשפּ. "קלעזמער גייען איבער פֿון דער פֿאָלקע צו אַן אַל־מלא־רחמים", פּרץ, דראַמ, שריפֿטן. ,,דאָס ליד גייט איבער אין אָפֿענער סאַטירע", ב. ריווקין, צוק, מאַרץ 1936.

16. אָנהייבן טאָן עפּעס אויף אַן אַנדער אופֿן. א, פֿון פֿאַרטיידיקן צום באַשולדיקן. א, פֿון טענהן צו אַ געוויין און געקלאָגערײַ. ,,גייט ער באַלד איבער פֿון ווערטער צו מעשׂים", ב. שעפֿנער פֿאָר, 27 1965 III. ,,

איבערגעגאַנ,

גען אויף דער גאַנצער ליניע צו אַן אָפֿענסיווע", פֿאַש, 24 1960 XI. ,,די ייִדענע איז באַלד איבערגעגאַנגען מיטן אינספּעקטאָר אויף דו", פֿײַוול סיטאָ, אַט דאָס זײַנען מיר. 17.

אַריבּערגיין פֿון איין ענין צום צווייטן, פֿון איין
אויפֿפֿיר צו אַן אַנדערן. א, פֿון איין פּונקט
אין סדר־היום צום צווייטן. א, פֿון חומש צ ו
גמרא פֿון לערנען א, צו הוליען. „פֿון איין

.

מעשׂה איז זי איבּערגעגאַנגען א י ן דער
אַנדערער“, ממוס, שלמה.

18. אַריבּערקומען פֿון איין (סאָציאַלן, קולטורעלן) שטאַנד אין אַן אַנדערן (אויף בּעסער אָדער ערגער), אויך פֿון איין פּראָפֿעסיע צו אַ צווייטער. א, אין אַ העכערן קלאַט (פֿון דער מיטלשול). „וויי איז צו מיר אויף וואָס איך בּין איבּערגעגאַ□גען“ — בּײַם בּאַקלאָגן זיך אויף אַ פּלוצעם שלעכט־געוואָרענעם מצבֿ. „אַלע וואָס האָבּן זי געקענט האָבּן געקלאָגט אויף וואָס פֿאַר אַ לאַגע זי איז איבּערגעגאַנגען„„ פֿמ. „איבּעראַיאָר מעגט איר א, אויף מײַן פֿאַרמעגן, אַ רוח אין אײַער...“, ממוס, ש□ ווערעמצײַט. „וואו מיר האָבּן ער□עץ אַ שׂונא...זאָל ער א, אויף דעם שטאַנד אין וועלכן מיר האָבּן זיך געפֿונען„, ש□ 'ווי שיין איז דער בּוים'. א, פֿון לופֿט־פּרנסות צו פּראָדוקטיווער אַרבּעט. פֿרויען הייבּן אָן א, צו מענערישע

באַשעפֿ,,

איבּערגיין

טיקונגען,,, רייד. א, פֿון מיטלשטאַנד צו גרויס עשירות.

19. בײַטן אײַנשטעלונג, שיטה, גלויבן אע. פּלוצעם א, צום צווייטן צד. א, צו אַן אַנדער פּאַרטיי. א, צום שׂונא. א, פֿון לינקס אויף רעכטס. א, צום ייִדישן גלויבן. ,,ער איז גרייט צו ווערן אירער...ווען זי וועט אײַנוויליקן צו א, צו זײַן גלויבן,,, פּ. רודאָי, טמז, 1965 III □י 8.

2O. פֿירן, דורכפֿירן, אַריבּערפֿירן מיט עפּעס אויף עפּעס. א, מיט דער בּאַרשט (מיטן פּענדזל) אויף וואָס מע האָט שוין פֿריִער געמאָלן. א, מיט אַ פּען אויף דעם וואָס איז אָנגעשריבּן מיט אַ בּלײַער. א, מיט אַ פֿאַרבּל אויף (לויט) די קאָנטורן. א, מיטן אײַזן איבּער אַ לײַלעך [= איבּערפּרעסן, איבּערפּלעטן]. *א, מיטן פֿאָדעם = (איבּער)נייען, (איבּער)שטיקן אע. ,,זאָלסט נעמען דאָס קינד בּײַם הענטל און זאָלסט מיטן הענטל א, אויפֿן פּאַפּיר, ער זאָל מיר עפּעס צושרײַבּן,,, פּרץ, 'האשה מרת חנה'. ,,
צומאַכנדיק די אויגן, איז ער עטלעכע מאָל

איבערגעגאַנגען אויף די סטרונעס מיטן סמיק און מיט
די פֿינגער“, בערג, בײַם דניעפּער II.
איבערגיין — אַקוזוו. ← דפֿוו. 1. אַריבערגייו
(אַריבערפֿאָרן, אַריבערשווימען אע) אַ באַשטימט
אָרט. א, דעם ירדן. „דער טײַך איז אָפּגעפֿאַלן
אַז ערטערווײַז קען מען אים ממש א,
טרוקנפֿוס“. „בוידן, דראָזשקעס...האָבן זיך געצויגן
איינע הינטער דער אַנדערער..., אַזוי אַז אַ
היפּשע צײַט איז ריין־אוממיגלעך געווען די
גאַס איבערצוגיין„, ממוס, מסעות. א, אַ
גרענעץ. א, דעם רוביקאָ'ן = (אויסדרוק אין אַ
צאָל לשונות) אָננעמען אַ מוטיקן און גורלדיקן
באַשלוס, וואָס מע קען דערנאָך אויף דעם ניט
האָבן קיין חרטה [פֿון יוליוס צעזאַרס
אַריבערפֿירן זײַנע לעגיאָנען איבערן טײַכל רוביקאָן
און גיין מיט זיי אויף רוים צו פֿאַרכאַפּן די
מאַכט]. 2 □ דז פֿיג. „די חכמה האָט בײַ אונדז
אַ געוויסן גבֿול.. □ מע טאָר דעם גבֿול ניט א',,,
חה, ב, 238. „מע דאַרף אַמאָל אויך א, דעם
גבֿול פֿון אויסגעצערטלטע און אויסגערוטע
ווערטער„, הל, לידער פֿון גן־עדן. *א, פֿײַער
און וואַסער = דורכמאַכן אין לעבן סכּנות
אָדער בכלל האָבן זייער שווערע, ביטערע
איבערלעבונגען. „יעדערע פֿון זיי איז

איבּערגעגאַנגען פֿײַער און וואַסער, איידער ער
האָט זיך געוואוינט אויסצושטרעקן אַזוי
קאַלטבּלוטיק די הענט און בּעטלען נדבֿות“, ספּ,
ענייס וא יוניס.

3. פֿאַרבּײַגיין, גיין אַנטקעגן און
אַריבּערגיין. „אַ וואַסערטרעגער וואָס גייט איבּער מיט
פֿ ו ל ן איז פֿון אייבּיק אַ גוטער סימן, אַפּשיטא
שוין אַ גרויסער פֿולער צעבּער„, ממוס, מסעות.
[ס'איז געווען אַ סימן מזל, ווען מען איז
איבּערגעגאַנגען דעם וועג מיט פֿולן, מיט אַ
פֿול טעפּל מילך, אַ פֿולן עמער וואַסער אע.
בּײַ אַזאַ בּאַגעגעניש פֿלעגט מען זאָגן: 'אַ גוט
מאָרגן אײַך. איר זעט? איך גיי אײַך איבּער
מיט פֿולן, איר וועט האָבּן אַ מזלדיקן טאָג,.]
„ס'איז ניט גוט אַז אַ ג ל ח גייט איבּער דעם
וועג„, שע, פֿונעם יאַריד. „אַ שוואַרצער קאָטער
איז איר איבּערגעגאַנגען דעם וועג, איז זי
צוריקגעגאַנגען“, רייד. „אַ נ אַ ק ע ט ע ר איז אים

איבּערגעגאַנגען דעם וועג. עס איז אים נישט
געגאַנגען...„, שע, בּלאָנדזענדע שטערן I. „אַזאַ

פסאַיאָכע! נאָכוואָס איז זי מיר איבּערגעגאַנגען מיט ל י י ד י ק ע עמער, אַז איך בּין אַרויסגעפֿאָרן?!“, אבּג, דעקטוך, וואַרשע 1876. [א, מיט ליידיקן איז געווען אַ סימן דלות, אַ צייכן אַז עפּעס וועט זײַן ניט־גוט פֿלעגט מען אויס.
ריידן: 'דער אייבּערשטער זאָל העלפֿן, ס'זאָל זײַן צום גוטן,▯] א, דעם ו ו ע ג = שטערן עמעצן אין עפּעס, קאַליע מאַכן אים זײַנע פּלענער, קאָנקורירן אע. „ווער איז דיר איבּערגעגאַנגען דעם וועג הײַנטיקן טאָג?“, ש▯, אָרעמע און פֿריילעכע I. „גיטל האָט געזאָגט אַז חנה איז איר איבּערגעגאַנגען דעם וועג„, סמבּ.
4. איבּערשפּילן. נאָכאַמאָל דורכפֿירן אַ טייל פֿון אַ שפּיל אָדער די גאַנצע שפּיל. א, אַ סצענע פֿון דער פֿאָרשטעלונג. א, דעם לעצטן טייל פֿון מאַרש. א, דעם קאָן. „דער שרײַט — מע טוט מאָשענסטווע', דער אַנדערער — 'שקר בּאַווײַזט זיך„ אַז מע דאַרף א, דעם קאָן — 'דרײַ מאָל יִדישקייט'„, בּן־עמי, 'די קינדערשע יאָרן, [ייִד, פֿאָלקסבּיבּליאָטעק, קיִעוו 1888]. 5. איבּערחזרן. א, דעם פּרק משניות, א, די סוגיא, אַ בּלאַט גמרא. א, די ראָלע, די פּאַרטיטור. „זאָג דײַן רבּין, ער זאָל נאָכאַמאָל

א, מיט דיר די גמרא,,, פסח מאַדקוס, טאָג, 7 III 1958. ,,א, דעם זעלביקן פּעריאָד געשיכטע,,, בּצג, טמז, 24 ▯ l964 II.

6. איבּערשטײַגן, גובֿר זײַן. א, עמעצן אין עפּעס. א, אַלע קינדער פֿון דער שול אין שפּילן פֿידל, אין מאַטעמאַטיק אאַזוו. ,,פֿיל אַזוינע טעכטער האָבּן זיך אויפֿגעבּריהט, אָבּער דו איבּערגיי'סט [פֿון איבּערגיי'ן, נר] זיי אַלע,,, מס, משלי תּקע,,ד, לא, 29. ,,א, הייסט איבּערשטײַגן, אויך אַריבּעריאָגן. דער מלמד האָט געטײַטשט 'ויעבֿר את הכּושי, (שמואל בּ, יח, 23]: ,און ער איז איבּערגעגאַנגען דעם כּושי'. אָדער מע האָט בּײַ אונדז [פּאָ▯] גערעדט: 'אַיאָ, לייבּושל...איז אַ ירא־שמים און אַ למדן, אָבּער שמואל דער רבֿ גייט אים איבּער מיט זײַן צדקות און למדנות טויזנט מאָל“, פּ. פֿרימער, יִשפּ 3 ,▯ III־4.

7. עובֿר זײַן, איבּערטרעטן. ,,זײַן זיא [= די בּני־ישׂראל] דיא עשׂרת הדבּרות איבּר גאַנגן [אַרכ],,, טח, שמות, לבֿ, 13 (רשי). ,,רכילות און לשון־הרע...און דבֿרים בּטלים און קלותראש... — זיי זענען גרינג בּײַ דעם פּראָסטן עולם, דרום גייען די נאַרן זיי איבּער,,, ר,

משה בר, נתן נטע איבז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו
1833. ,,איך האָב מיך געפֿאָרכטן אַז איך וועל
...א, דעם רעכטן וועג,,, חה, א, 41. [אויך
אוטוו מיט א ו י ף און פֿ ו ן. ,,איך בין ניט
איבערגעגאַנגען פֿון דײַן געבאָט“, זרעים, קב/ב
— 'לא עבֿרתי ממצוותיך'.]
8. איבערקוקן, דורכקוקן, אַזוי ווי
איבערגיין, איבערלויפֿן מיט די אויגן. מגיה זײַן.
לאָמיר א אַ צוויי מאָל דעם כתבֿ־יד, די קאָרעקטור.

9. אַ֗רכ. איבערטראָגן. ,,ווער זעלכי זאַכן
קענט איבר גיין!“, לט1, פּו/ב.
1O. בײַם טאָן אַן אַרבעט. אַריבערפֿירו עפּעס
אויף (איבער) עפּעס. פֿרגל, א, אוטוו, ב2O.
א, דעם חלף מיטן נאָגל. ,,דערנאָך גייט מען

איאיבערגימען

בער דעם שטיין מיט דער קאַטשלקע פֿון
דרוקערטיש“, קמ, 1863 36, No. ,,דאָס פּנים...
איבערגעגאַנגען מיט דער פּאָלע,,, ארז, קמ, 1870,
49 No. ,,אַרויסגענומען דעם קניפּיק,
איבערגעגאַנגען די כאָליאַווע“; ,,זי קראַצט מיט די
נעגל, גייט איבער [דעם פֿלעק פֿון חלבֿ] מיט

דער באַרשט", פּרק.
איבערגיין זיך — אוטוו. ← דפּוו. ←
איבערגיין, אוטוו. 1. זיך דורכגיין, שפּאַצירן
אַ ביסל. „די באַיערטע זענען פֿאַרן שלאָף זיך
איבערגעגאַנגען, זיך געשאַרט פּאַסמעסוויז
איבער אַ פֿאַרוואָרפֿענעם וועג„ אָפּאַ, ,אומרו'.
„עס ווילט זיך אַ ביסל א, און אויפֿטײַעו די
פֿיס„ ב. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „קום,
לאָזן מיר זיך אַ ביסל א, אַ ווײַלע„
אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 2 .l895. דזוו
איבערגיין, אָקוזזן, ב4. איבערשפּילן. „ס'איז
קרוטשקעס, לאָמיר זיך א'", רייד. 3. דזוו
איבערגיין, אוטוו, ב8. פֿאַרבײַגיין, אויסשטיין.
„צום גרעסטן טייל אָבער זיך נישט וויסנדיק
געמאַכט — עט, גאָרנישט, אַ מיחוש — עס
וועט אַזוי זיו א'„ ממום, שלמה.
4. זיך מער ניט גלוסטן. „ווילסט וואָס דו
קענסט ניט קריגן? נישקשה, ס'וועט זיך א'„
רייד. 5. אַריבערגיין, אַריבערקומען במילא,
אָן כוונה אָדער ציל. „...אַזוי לאַנג זיי לעבן
— און דערנאָך גייען זיי זיך איבער צו די
מתים„ מס, קהלת תּקע„ט, ט, 3 ['ואחריו אַל
המתים]. 6. דזוו איבערגיין, אוטוו, ב1o.
איבערגיסן זיך. „מן נעמט איין ליכט און, שטעלט

עשׂ צוקאָפּן פֿון (מת). ווען מן אוף דען איין
שטיק אײַזר שטאַל ליגט [= לייגט], לפֿט
[= לויפֿט] עשׂ ניט אַזוי זער אונ, גיט זיך
אַך ניט איבּר“, ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II,
.
תּע,,ז.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —
,,די איבּערגייער [איבּערן בּריק]...האָבּן מיך
געזען וויינענדיק, האָבּן זיי מיר געגעבּן...“, ס.
ג. מונק איבּז, מסתּרי פּאַרין, וואַרשע 1865.
,,אַליין דער א, און אַליין די בּריק,,, אפֿא,
גילדענע שקיעה. ־ערײַ. ־עריש — אַדי.
איבּערגײַציק — אַדי. 1. זייער גײַציק,
זשעדנע, שטאַרק אַמבּיציעז. מיט אַן א'ן
בּאַגער. 2. זייער קאַרג, קמצנותדיק. א'ע גבֿירים.
איבּער — טרוו. גילד איבּער, ~געגילדט.
אויך: טן. איבּערדעקן, איבּערציִען מיט
אַ שיכט גאָלד. א אַ טאַץ.
,
אי'בּערגילטן — אוטוו. גילט איבּער, ~
געגאָלטן. גילטן, האָבּן אַ ווערט, אַ ממשות אַ
לענגערע צײַט. ,,ווי לאַנג וועט א, אַזאַ שבֿועה?,,,
דייד.
גי רגי'ל רגי רוו. אַרכ. דזוו

איבּער,
דן. איבּ ט — פֿאַר, אַדי. ,,איין
איבּ —

הולצני רוטן דיא איז איבּר גילט,,, יוסיפֿון,
אַמשט 1661. ,,איין קאַמיר דינר...און, המשרתת
און, האבּין בּ, גרושׂי איבּר גילטי פֿלאַטין“,
גה, 297.
איבּערגימען, ~גימפּן — טרוו. אַרכ.
[M.d: gimmen-gol(l].] איבּערדעקן,
איבּערציִען מיט גינגאָלד. 'ויפֹּזו זרעי ידיו, (בּראשית,

איבּערגיסיק

מט, 24) פֿאַרטײַטשט טח: ,,און, זיא ווארדן
-
איבּר גימט אַרום זײַנר האַנט,,, און אין צאינה:
,,זיא וואַרן איבּר גימפּט זײַן הענד“.
איבּערגיסיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
איבּערגיסן. אַ זייער געדיכטע אָבּער דאָך א'ע
מאַסע.
איבּערגיסן — טרוו. גיס איבּער, ~געגאָסן.
1. גיסן נאָכאַמאָל. אויסליידיקן אַ פֿליסיקייט
פֿון איין כּלי און אַרײַנטאָן אין אַן אַנדער

כּלי. א, פֿון עמער אין פֿאַס. א, אַלטן ווײַן
אין נײַע פֿעסער. א, פֿרישן ווײַן אין אַלטע
פֿעסער = אויך פֿיג ווענגן פֿאָרעם און
אינהאַלט. „קען קיין שום קולטורעלע טעטיקייט
ניט בּרענגען וועלכן ס'איז נוצן. דאָס איז...ווי
א, פֿרישן ווײַן אין אַלטע פֿעסער“, קאַמפּף
און קעמפּפֿער, זבּ, לאָנדאָן 1904. „
איבּערגעגאָסן דעם אַלטן שפּאַנישן ווײַן [די העבּרעאישע
דיכטונג פֿון דער שפּאַנישער תּקופֿה] אין נײַע
כּלים“, קאָר I.

2. אָנגיסן צו פֿיל. גיסן אַז ס'זאָל אַריבּער
די בּרעגן. א, דעם כּוס אויף קידוש. „ווען
מן איין גיסט צו הבֿדלה גהער מן אַבּיסל איבּר
צו גיסן. דאש איז סימן בּרכה„, עח, מט, 3.

3. בּאַגיסן פֿוו אויבּן. א, דעם קאָפּ. „נאָך
[אַשר יצר] זאָל מן נאָך איין מאָלט איבּר
גיסן [די הענט] אונ, זאָל דיא (בּרכה) זאָגן
(על נטילת ידים)„, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט
תּק„ח.

4. איבּערשמעלצן. א, אײַזן, טשוהון. 5.
איבּערפֿורעמען, איבּערמײַסטרעווען.
איבּערגעשטאַלטיקן. א, אימפּעריאַלן אין גאָלדענע
אוירינגלעך. „דער סופֿרים־קאָרט גיסט איבּער דעם
קאָנגרעס אין זײַן פֿורעם„, בּצג, 1964 I ײ 28.

6. איבּערזעצן, איבּערדיכטן. „עס איז ר, מענדלען געגאַנגען אין א, דעם אינהאַלט פֿון משלי אין אַ ייִדישן שפּראַכיקן פֿורעם“, ימ, ייִשפּ X I, 4.

מיט ז י ך — 1. מיט פֿריִערדיקע בבֿ. איבּעררינען. דער כּוס האָט זיך איבּערגעגאָסן. דער טײַך גיסט זיך איבּער. „אַז איך זע זי, שטאַרבּט אין מיר דאָס האַרץ פֿאַר רחמנות און עס גיסט זיך איבּער די ג אַ ל פֿאַר כּעס“, פּרץ, נעדאַנקען און אידייען. „...אַכטונג געבּן דאשׂ דיא טייג ניט ווייך זײַנן...דאשׂ מן זיך איבּר גאָסן העט...“, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק“ח.

2. פֿינקלען, מיניען זיך. „דער פֿלאַם...איז בּלוי־גרינלעך און גיסט זיך איבּער מיט אַלערליי קאָלירן„, איש יהודי [לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטערבּורג 37 1901, No. „ עטלעכעאון־נײַנציקער בּראַנפֿן, איבּערגעגאָסן זיך מיט זילבּער, לויטער זילבּער פֿון זונשטראַלן“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿונעס אַלקער, מאָסקווע 1927.

3. איבּערמישן זיך, ווערן איינס. „שטילער! חלום גיסט מיט וואָר זיך איבּער„, אשט, משליס I.

— „דער רעליגיעזער ציטער פֿון ־ונג

אָריגינאַל איז אויך פֿאַרבליבן אין דער ייִדישער
א"", יג, טמז, 20 IX 1957. ־עכ□ן. ־עניש.
־ער (־ין, ־קע). ־עריַ.
איבערגיפּסעווען — טרוו. ־סעווע איבער,
~געגיפּסעוועט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניַ, אַנדערש

895

מאַכן פֿון גיפּס אָדער פֿאַרקלעפּן, אַרומקלעפּן
מיט גיפּס. א, אַ סטאַטועטקע. א, אַ
צעבראָכענעם פֿוס.
איבערגלאַזירן — טרוו. ־זיר איבער, ~(גע)־
גלאַזירט. אויך: ~גלאַזורן. נאָכאַמאָל,
פֿונדאָסניַ, אַנדערש באַדעקן מיט גלאַזור, מאַכן
גלאַנציק. א אַ טאָפּ. א, טופֿליעס.

,

איבערגלאָזן — טרוו. גלאָז איבער, ~
געגלאָזט. 1. ווידער אָדער אומעטום אַריַנשטעלן
גלאָז, שויבן. א, די פֿענצטער. א, אַ
ביכערשאַנק. 2. (שוסטער□) איבערשאָבן,
איבערקראַצן מיט גלאָז. א, אַ פֿראַנצייזישן קנאַפּל.
איבערגלאַטיק — אַדי. צו גלאַט, איבער
דער מאָס. וואָס איז אָן אָנשטרענגונג. א'ע
פֿערזן.

איבערגלאַנצן — טרוו. גלאַנץ איבער, ~ געגלאַנצט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש אָדער ביזן סוף באַדעקן, באַשמירן מיט אַ גלאַנץ, גלאַנציקער פאַרב. א, שיך, מעבל אע. 2. איבערפוצן, איבערשײַערן. א, די שטיוול. א, דעם סאַמאָוואַר. 3. איבערשטײַגן מיט בעסערע מעלות. א, אַלע רעדנערס מיט אַ שיינער רעדע. א אַלע מיידלעך מיטן פרישן אויסזען. 4. אוטוו.

אויפהערן גלאַנצן. „שוין, ער האָט שוין איבערגעגלאַנצט, ער האָט שוין ניט זײַן צויבער“, רייד. מיט ז י ך. איבערגלאַנץ. ־עניש.

איבערגלאָצן — טרוו. גלאָץ איבער, ~ געגלאָצט. צו שטאַרק אויסגלאָצן (←). *א, די אויגן = שטאַרבן.

איבערגלויביק — אַדי. ← איבערגלייביק. „האָט ער דאָך געהאַט פאַרשיידענע א'ע סימנים פון באַגליקן„, בערג.

איבערגלויביש — אַדי. ← איבערגלייב(ער)יש. “ווײַל קיין ייִד האָט ניט קיין וואָרן פאַנאַטיזמוס, ער איז נאָר א'„, ארז, קמ, 1867 36 No. „די דאָזיקע פיעסע ווײַזט אונדז זייער אַן א'ע באָבע„, ייִבל X, 4.

איבערגלויבן — דער, ־ס. גלויבן איבער

דער מאָס. גלויבן אין דעם וואָס מע דאַרף ניט גלייבן. דער א, אין שדים און רוחות. דער א, אין כלערליי זאַבאָבאָנעס. לעבן מיט א'ס.

איבערגלוסט — דער, ־ן. גלוסטונג איבער דער מאָס. שטאַרקער חשק, באַגער. האָבן אַן א, צו געלט.

איבערגלוסטן — אוטוו & טרוו. גלוסט איבער, ~געגלוסט. 1. גלוסטן אַ לענגערע צײַט אָדער (צו) פֿאַרשיידענע זאַכן. א, (נאָך) געלט און (נאָך) באַרימטקייט. 2. באַגערן עפּעס וואָס מע קען ניט דערגרייכן. א, דאָס טעלערל פֿון הימל. א אַ בת־מלכּה. מיט ז י ך — אויף,

הערן גלוסטן. ,,הערט, פֿעטער, פֿאָלגט מיך, און זאָל זיך אײַך א',,, בערג, נאָך אַלעמען ־עניש.

.

איבערגלי — דער, ־ען. אַקט פֿון איבערגליִען. ־אונג.

איבערגליד — דער, ־ער. איבעריק גליד אין קערפּער. אַן א', אַ זעקסטער פֿינגער. ,,איין ביז, און גפֿאליכט [= בייז, אומפֿאָלגעוודיק] קינד פֿר גלײַכט זיך איינם איבר גליד אַן דעם מענשן לײַב,,, צוכט.

איבערגליקן

-

איבערגליטשן — טרוו. גליטש איבער, ~ געגליטשט. נאָכאַמאָל, ווידער גליטשן. א, די קינדער אויף (מיט) די שליטעלעך. געוויינלעך מיט ז י ך — 1. אַ ביסל זיך גליטשן (אויף גליטשערס אָדער אויף אַ שליטעלע). „איך קום באַלד אַרײַן, איך וועל זיך נאָר א, אויפֿן אײַז", רייד. 2. אויפֿהערן, ניט וועלן מער זיך גליטשן.

איבערגלייביק — אַדי. דזוו דווו. גלייבעכצדיק.

איבערגלייב(ער)יש — אַדי. וואָס האָט איבערגלויבנס. וואָס האָט אַ נטיה צו גלייבן איבער דער מאָס. וואָס גלייבט אין שדים, רוחות אאַ זאַבאָבאָנעס. זײַן א'. ־קייט —־ „האָט זיך פֿאַרנומען אויסצוואָרצלען אַלע א'ן", ש. סוסקאָוויטש, דווקא, No 39.

איבערגלײַכן — טרוו. גלײַך איבער, ~ געגלײַכט. אויסגלײַכן (←) אויף אַן אַנדער אופֿן. אויך מיט ז י ך — קומען צו אַ פּשרה, אַן אויסגלײַך. „ועסט זיך מיט אים ניט א'"

רייד. ־ונג — (מאַט) אַן אַנדער פֿאָרעם פֿוו
אַ גלײַכונג. אַן א אַז אויף איין זײַט זאָלן
,
זײַן אַלע באַקאָנטע: פֿון דער גלײַכונג
־נ+ +a — די א, ־נ— —a.
איבערגלימערן — אוטוו. ־ער איבער, ~
געגלימערט. גלימערן, צאַנקען ביזן סוף.
אויפֿהערן אַרויסגעבן עפּעס אַ שײַן. „די לעצטע
שטראַלן גלימערן איבער און ס'פֿאַלט צו די
נאַכט“.
איבערגל־ען — טרוו. גלי איבער, ~געגלי(ע)ט.
1. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער אַנדערש מאַכן עס
זאָל גליִען. א, קוילן. 2. איבערמאַכן דורכן
פֿאַמעלעכן ברענען (מיט אַ קליין פֿײַער). א,
האָלץ אויף קוילן. 3. גליִען צו פֿיל, מער
ווי נייטיק. א, אײַזן, מע זאָל עס ניט קענען
שמידן. 4. אוטוו. אויפֿהערן גליִען. די קוילן
אין אויוון האָבן איבערגעגליט. מיט ז י ך ———
1. אויפֿהערן גליִען. 2. פֿד. ־פעצ. האָבן
היץ און גיך געזונט ווערן. „דאָס קינד האָט
זיך איבערגעגליִעט“, רייד.
איבערגליקלעך — אַדי. זייער גליקלעך,
מער ווי געוויינלעך. „זיי זײַנען איינע מיט די

אַנדערע גליקלעך און א',,, ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. ,,האָט מיר דער טאַטע געמאַכט אַ בזענע קאַפּאָטע איך בין געווען א'", מ, בֿ, ר, ד [מ. כּ"ץ], ... דער קאַראַבעלניקל, ווילנע 1900. ,,זי איז מיר ליב ווי דאָס לעבן, און איך וואָלט מיך געשעצט א', ווען איך זאָל מיט איר קענען חתונה האָבן", ממוס, קליינמענטשעלע. ,,אַ סך מיידעלעך אויף איר אָרט וואָלטו זיך פֿילן גליקלעך, א'", שע, פֿון פּסח ביז פּסח. ,,זי איז געווען א', הערנדיק מײַן געטרײַשאַפֿט צו אים", ווײַס I , 'ווי דער גורל פֿירט'.

איבערגליקן — אוטוו, אומפּ. עס גליקט איבער, עס האָט ~געגליקט. אַדורכגיין בשלום, אַרויסקומען אומבאַשעדיקט. האָבן אומגעריכט גליק. ,,אַז עס וועט אים א', וועט ער דאַרפֿן שטעלן אַ גרויסן קידוש", רייד.

איבערגלעטן

איבערגל . גלעטן, צערטלען נאָ

לעך,

געטן — טרוו. גלעט איבער, ~

געגלעט(ן). כאַמאָל אָדער

אַ צאָל. א, דאָס בעקל. א, די ק

לע, בּיז

ינדער

בּן זיי זיסיקייטן. א, יעדער פּאַפּירע

דער טאָג גייט אַוועק — וועגן אַ באַאַמטן וואָס

פּטרט צײַט. 2. איבּערפּרעסן. א, די

גענוואַשענע העמדער. מיט ז י ד — קזוו. ־עכץ.

—עניש.

איבּערגנבֿענען

— . גנבֿענען אַ לענגערע

..גאַנוועגען] טרוו. גנבֿע

איבּער, ~געגנבֿעט.

צײַט, אַ סך אָדער בּיזן סוף. א, אַלץ בּיז אַ

שנירל. 2. אַריבּערשמוגלען. אַריבּערגנבֿענען

עפּעס איבּער אַ גרענעץ. א, טײַערע ווײַנען

איבּער דער גרענעץ. א, די גרענעץ. מיט ז י ך

— א, זיך איבּער אַ פּלויט, ווי אַ קאַץ. אויך:

(אָנ)גנבֿענען איבּער דער מאָס. כּסדר גנבֿענען,

זיך א, און אַרײַנפּאַלן אין חד־גדיא.

טז דז שטאַס.

גע

איבּער גיט מיט רט ג... ←

אי־ — די וו ר וואָס מע

פּינ יבּ

בּער + דעס ערש

איבּערגעאיבּער — אַדוו. נעאָל. אַזוי ווי איבּער און איבּער. גאָר אינגאַנצן. אין לעצטן סך־הכּל. ,,מאַמעס געזיכט...אַוועק ווי אַ חלום, געוואָרן פֿאַרשוועקט און א, געלאָזט אונדז פֿאַרבּענקט אויף בּענקלעד פֿון שבֿעה‘‘, אַלף כּץ, 'דאָס פּיסטערן לאָשיקל'.

איבּערגעאײַל — דער, ־ן. 1. גרויס אײַלעניש, כאַפּעניש. טאָן אַן אַרבּעט אין אַן א'. 2. אַקט פֿון ניט־בּאַטראַכטקייט.

איבּערגעאײַלט — אַדי, פּאַר איבּעראײַלן ←. א'ע מאַשין. א'ער מאָטאָר פּיג. א'ע שמן־זית־יט — אַדוו.

.

דיקע בּאַנקעט־רעדע. —ערהי

איבּערגעאײַלט — אַדי, פּאַר איבּעראײַלן (זיך) ←. א'ער דיאַגנאָז. א'ער אורטייל. ‘‘א'ע

-

פֿארהערלעכער‘‘ פֿאַש, 1952 ׳יִ25 I. ,,זי האָט

—

,

גלײַך חרטה געקראָגן אויף אירע א'ע ווערטער,,, חג, טמז, 5 1965 II ־ערהייט — אַדוו.

.

ניט טאָן א, ־ק — א ריי כללים
. ייִט — „אילוסטרירן די א,
מיט וועלכער מיר האָבן געשאַפֿן ־
פֿון כלל־ייִדיש“, ימ, קוד, 1938.
איבערגעאירט — ← איבערגעיוירט.
איבערגעאַנדערשט — אַדי, פּאַר
איבעראַנדערשן ←. “א'ע קליידונג“, מ. מ.
אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָביטש
.1898
„דערציילן אַזוי א, אַז ער וועט אַפֿילו ניט
דערקענען„, מ. ריבֿקין, דער וועליזשער
בלוטבלבול, ווילנע l914. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעאַקערט — אַדי, פּאַר איבעראַקערן
←. א'ע פֿעלדער. א'ע שופֿלאָדן. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעאַרבעט — אַדי, פּאַר
איבעראַרבעטן ←. א'ע רווישטאָפֿן. אַן א'ער בגד. „ווען
איך זע פֿערד...א, און אונטערגעפּיטערט...„,
ווינטש I. „איז אפֿשר צו פֿיל א, און נערוועז„,
טמז, 17 ▯ l965 I. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעב — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערגעבן ←. נעאָל. ט. בערלס,

מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. ,,איטלעכער
שפּראַכיקער א',,, ייִבל I (X, 71. ,,קאָנט איר
דערוואַרטן פֿון [אים] אַן אמתן א', אַן אָביעקטיווע
אָפּשאַצונג פֿון דער ראָלע פֿון ייִדן אין
אַמעריקע,,, בצג, טמז, 11 IX 1954.
איבערגעבאָדן — אַדי, פּאַר איבערבאָדן ←.
א'ענע, איבערגעצוואָגענע קינדערלעך. -
ערהייט — אַדוו. לייגן די קינדער שלאָפֿן א'.
איבערגעבאָטן — אַדי, פּאַר איבערבאָטן ←.
א'ענער מקח.
איבערגעבאַקט, ־באַקן — אַדי, פּאַר
איבערבאַקן ←. א, ברויט. "אַן א'ענער איז אַמאָל
ניט בעסער פֿון אַ ניט דערבאַקענעם", רייד.
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעבאָרגט — אַדי, פּאַר איבערבאָרגן
←. מיט א'ן געלט. ,,אויף אַן א'ן אופֿן רופֿט
מען אַן 'אויג, די טראָפּנס פּעטקייט אויף אַ
זופּ", יע, וואונדער־אוצר פֿון ייִדישער שפּראַך.
איבערגעבאָרן ווערן — פּאַס. פּפֿ: ~
געבוירן ווערן. געבאָרן ווערן פֿונדאָסנײַ. פֿיג.
בײַטן שטייגער לעבן, פֿירונגען,

אײַנשטעלונגען אע. א, וו, נאָך דער חתונה. זיך פֿילן
וװי אַן א'ענער. „דער פּוסטער מענטש װעט
קריגן שׂכל, װען אַ יונגער װאַלדאײזל װעט
איבערגעבאָרן װערן אין אַ מענטשן“, תּי, איובֿ,
יא, 12.
איבערגעבאַרשט — אַדי, פּאַר
איבערבאַרשטן ←. א'ע קלײדער. א'ע האָר. ־ערהײט
— אַדוו.
איבערגעבוי — דער, ־ען. דזוו איבערבוי
(אָבער װען עס רעדט זיך װעגן אַ קאָמפּליצירטן
ענין). א, פֿון דער שולסיסטעם.
איבערגעבױגן — אַדי, פּאַר איבערבײגן ←.
שטײן א, איבער אַ ספֿר. א, אונטער אַ משׂא.
א'ענע מאַנזשעטן. א'ענע גערעכטיקײט. „זי
װײנט ניט, זי רעדט ניט, זיצ□ א, איבער
דעם װיגל“, פּרץ, לידער און פּאָעמען. ‟אַן
א'ענער ייִד מיט אַ װײַסער צעשפּאָלטענער
באָרד□, פּרץ, 'הכנסת כלה'. „אַ הױכער, מיט
א'ענע פּלײצעס„, חג, 'שטומער מנין'. ־
ערהײט — אַדוו. גײן א, און טראָגן עפּעס.
□ ־קײט.
איבערגעבױט — אַדי, פּאַר איבערבױען ←.
א'ע הײַזער. אַן א, לעבן. ־ערהײט — אַדוו.

־קייט.

איבערגעבויטעט — אַדי, פֿאַר איבערבויטען ←. כאַפּן פֿיש אין א, וואַסער. „די רעכטע האַנט פֿאַלט אַראָפּ און בלײַבט הענגען ווי אַ פֿלעכטל פֿון א, טייג“, ש. ברעגמאַן, אויפֿן מזרח איז אומרואיק, מאָסקווע 1934.

איבערגעבוירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערגעבוירן ווערן. אַ וואונדערלעכע א'.

איבערגעבוירן ווערן — ← איבערגעבאָרן ווערן פֿון מלחמה און חורבן אַרויס אַן .

א'ענער. „די...רעוואָלוציע איז געווען אַ געצײַג איבערצוגעבוירן [אַקטיוו, זן — מאַכן א, צו ווערן] דעם מענטשן„, חיים ליבערמאַן, פֿאָר, 9 1962 XI. „אין געזאַנג געוואָרן א',„ מלכה

איבערגעביסן

לי. „דער טראַדיציאָנעלער טעקסט ווערט... אומאויפֿהערלעך א, און טראַנספֿיגורירט“, א. ליפּינער, איק, פסח תשכ״ד. ־קייט.

איבערגעבולבעט — אַדי. פּעיאָ. בכיוון פֿאַרדרייט פֿון: איבערגעבילדעט. זײַן א, —

שלאָפֿן מיט ברילן אויף די אויגן.
איבערגעבו□נג — די, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערגעבן (זיך). „ס'איז גענוג צו פֿאַרגלײַכן אַ שריפֿטלעכע א, מיט אַן א, פֿון מויל צו אויער“, מוו, שוואַרצע פינטעלעך.
איבערגעבונדן — אַדי, פּאַר איבערבינדן ←.
אַן א, פעקל. „און די...שוועסטער...וואָס איז געווען אַזוי גרין און איידל, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַן א'ענער לולבֿ ערבֿ סוכות„, שע, זומער־לעבן. ־ערהייט — אַדי. ־קייט.
איבערגעבורט — די, ־ן. פֿיג. צווייטע געבורט. איבערגעבוירונג. רעגענעראַציע. איבערגעשטאַלטיקונג. ראַדיקאַלע א'. „זי האָט כמעט ווי ניט געגלייבט אין בערלס א',„ פֿ. סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, 1932. „א־פּראָצעס“, ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... ־לער — סאַוו.
לויט ne]□e]□o:□,□(□][□e1□, ראָכקינד־שקליאַר ווב.
איבערגעביטן — אַדי, פּאַר איבערבײַטן ←.
← דווו. א'ענע קאַלאָשן. א'ענע סחורות. א'ענע יוצרות. „ער איז אַרויס פֿון דער הייל אַן א'ענער“, מ. גראָסמאַן, היימיש, אַפּריל 1958.
־ערהייט — אַדוו. שווער צו דערקענען אים א'. —קייט — „עס שטאַרצט אַרויס די א'“, רייד.

איבערגעביטן ווערן — פֿאַס. ווערן
אינגאַנצן אַנדערש. דער הימל (ים) ווערט א, =
זעט אויס אַנדערש. ,,עפּעס בין איך גאָר ווי
ניי־געבוירן, אינגאַנצן א, געוואָרן, גאָר עפּעס
אַן אַנדער מין באַשעפֿעניש“, ממוס, קליאַטשע.
,,מײַן ברודער צינדט אָן דאָס ערשטע
חנוכּהלעכטל...ווי דורך אַ כּישוף ווערט די גאַנצע
שטוב א אַלצדינג באַקומט אַזאַ...יום־
טובֿ, —
דיק פּנים“, בן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה,
אַדעס 1893. “עס איז גאָרניט צו דערקאָנען
אַז דאָס איז ד אַמאָליקע מנוחה. זי איז
געי
וואָרן א, קרוגאָם“, ש. בעקערמאַן, די נוטע
פֿרויא, ווילנע.
איבערגעבײַ — דער, ־ען. 1. דזוו
איבערגעבוי. 2. געבײַ וואָס איז איבער עפּעס. אַן
א, איבערן טונעל.
איבערגעבײַדע — די, ־ס. דזוו איבערגעבײַ
בּ2 פֿווב זעצט אַזוי איבער a][o][c'r][1la.
.
איבערגעבײַטלט — אַדי, פּאַר
איבערבײַטלען ←. א'ע מעל. ־ערהייט —־ אַדוו.
איבערגעבילדעט — אַדי. 1. געבילדעט

איבער דער מאָס. לײַדן פֿון א'ע זין. 2. פֿאַר
איבערבילדן ←. א'ע אויפֿן גויאישן שטייגער.

איבערגעביסן — אַדי, פֿאַר איבערבײַסן ←.
א'ענע בולקעס. א'ענע דראָטן. אויך: וואָס האָט
שוין עפּעס געגעסן, געפֿרישט□קט. „און [ער]
...לאַנג אַן אָפּגעדאַוונטער, אַן
אויסגעטרונקענער און אַן א'ענער“, שע, אָרעמע און
פֿריילעכע II. ־ערהייט — אַדוו. „גיי ניט אַרויס
פֿון שטוב ניט־א',„ רייד.

איבערגעבלאָנדזשעט

איבערגעבלאָנדזשעט — אַדי, פֿאַר
איבערבלאָנדזשען ←. א'ע שע□סן. אַן א'ער אויף
אומוועגן. ־קייט.

איבערגעבלוטיקט — אַדי, פֿאַר
איבערבלוטיקן ←. א'ער באַנדאַזש. אויסגעשמירטע אין
בלוט, א'ע פּנימער. א'ע יאָרן. ‟צעשפּאָלטענע
מאָרדעס און א'ע אויגן“, הל, לידער. אויך:
זייער ווייטיקדיק איבערגעלעבט. א'ע □ורות
פֿון אַ גרויסן פּאָעט. ־קייט.

איבערגעבל□בן — אַדי, פֿאַר
איבערבלײַבן ←. ספּעצ. 1. וואָס איז ניט פֿאַרניצט גע□
וואָרן. א'ענער רווח. „האָבן נאָך אין טאָרבעלע

פֿאַרנומען די א'ענע שטיקלעך ברויט פֿון טיש,,,
ממוס, ווינטשפֿ. ,,דער א'ענער אומטויגלעכער
פּראָדוקט, די פּסולת וואָס די פֿלאַנצן האָבּן
ניט וואו צו פֿאַרווענדן", א. ש. זאַקס, דאָס
לעבּן פֿון פֿלאַנצן. 2. וואָס איז געבּליבּן פֿון
פֿריִער. א'ענע חולאת. די א'ענע כּתבֿים. ,,
צונויפֿגעשטוקעוועט די א'ענע שפּראַך־
פֿראַגמענטן,,, קאַר 3 . ם .I. וואָס איז אַ בּיסל, אַ רעשטל.
,,גיבּ איך אַ געשריי מיט אַלע א'ענע כּוחות,,,
בּן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה, אַדעס
1893. 4. וואָס איז פֿאַרבּליבּן נאָכן אויסראָטן,
נאָך אַ קאַטאַסטראָפֿע אע. דער א'ענער יִדישער
ישובֿ אין פּוילן. ,,די א'ענע פֿון זײַן אַרבֿ",
איין נײַע שס תּחינה, פּיעטריקאָוו 1881. "לאָזט
נישט פֿאַרלוירן גיין דאָס א'ענע בּיסל יעקבֿ",
שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. ,,אַן א'ענער זכר
פֿון אַן אָפּגעבּרענט הײַזל", ממוס, מסעות.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעבּליט — אַדי, פּאַר איבּערבּליִען →.
1. וואָס בּליט ניט מער. א'ע בּיימער. א'ער
פֿרילינג. אויך פֿיג. א'ע יאָרן. ,,זי איז שוין
אַן א'ע מיידל, אַ מיידל אין יאָרן, אָן נדן,
אָן קליידער,,, ג. ח. לעוונער, דאָנאָס, ווילנע
1897. 2. וואָס האָט געבּליט (געוואַקסן) צו

לאַנג. אַן א'ער סטיבּון = אויך: אַן
אומגעלומפּערטער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
אי'בּערגעבּן — טרוו. גיבּ [אַנדערע פֿאָרמען
← אויסגעבּן] איבּער, ~געגעבּן. 1.
דערלאַנגען עמעצן וואָס מע האָט אין האַנט (אין
די הענט). א, אַ בּריוו, אַ פּעקל, אַ מתּנה, אַ
בּקשה אאַזוו. „דער רבֿ פֿלעגט א, דעם חתן די
תּנאָים און דערבּײַ זאַגן: נאַ דיר, חתן, אַ
קאָנטראַקט נאַ סטאָ ליאַט [= פּויל. אויף הונדערט
יאָר]“, רייד (סאָניק, גאַליציע). א, דעם
בּעליובֿל אַ שריפֿט. א אַ בּקשה דעם גובּערנאַטאָר

,

אַליין. „דער בּעל־פּתיחת־האָרון פֿלעגט
אַרויסנעמען די ספֿר־תּורה פֿון היכל אויף א, זיי
דעם חזן“, לדבּ, נ"י תּשי„ז. „די גוייִם...גיבּן
(זיך) איבּער די ציגל פֿון האַנט צו האַנט“,
יִוּשם, אַ הייסער שבּת־טאָג'.

,

2. געבּן עפּעס אין די הענט אַרײַן אויף
צו בּאַנוצן. א, דעם מאַנוסקריפּט צום דרוקער.
“מע האָט אים איבּערגעגעבּן די חלפֿים און
געזאָגט: איר בּלײַבּט אונדזער שוחט“, רייד.
א, דעם עלטסטן זון שער און אײַזן און אַליין
ווערן אַ בּית־מדרש־זיצער. „דער ראָש־הקהל

...האָט מיך פֿאַר אַ פֿליישהעקער געמאַכט און מיר דעם יאַטקעקלאָץ איבערגעגעבן", פֿון אַ בדחניש לידל [ר, חיים ליבערמאַן, ייִשפּ XIII, □].

897

,,גיב ניט איבער אין זייערע הענט די טאַקסעלע, וועלכע צאַפּט אַזוי אויך אויס זייער מאַרך פֿון די ביינער,,, יצחק הכנורי, נאָר איין טאָג אמת, אַדעס 1887. ,,און, דא איבר גי'ב [אַרכ] איך איַך זיַן טויטן לייַב אין איַער הענד, און, טוט מיט אים וואשׂ איַך וואול גיפֿעלט,,, יןסיפֿון, אַמשט 1743. ,,זיך אויסגעלערנט אַוועקשאַרן אין אַ זיַט פֿאַרשיידענע עסנוואַרג...און בגנבֿה א, ברוכן אין הויף", בערג, ביַם דניעפּעך I.

3. אָנפֿאַרטרויען. געבן עפּעס אָפּצוהיטן, אויפֿצוהיטן, צו פֿאַרריכטן. א, אין די הענט אַריַין דעם שליסל צום שאַצקאַמער. א, דעם גנבֿ די שליסלען = אויך ווי אַן עצה, ער זאָל ניט גנבֿענען. א, נאָך דער אַרבעט אַלע אינסטרומענטן און מכשירים דעם אויפֿזעער. א, דעם כתבֿ־יד אים אויסצובעסערן. ,,ער אַלשׂ [= אַל□ו]

יוסף [דאַטי□] איבּער געֶ'בּט" [אַר□], ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבּז, תּורת משה, קאַרלסרוא 1770. ,,דעם עלטערן [זון] האָט ער איבּערגעגעבּן די קלייט...און די חובֿות...וועט ער דאָך אויך שׂכל האָבּן אַלעמאָל באַנקראָטירן,,, יודישער פֿאַרפּסח, וואַרשע 1881.

4. איבּערענטפֿערן עפּעס אָדער עמעצן אין רשות פֿון פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע. א, די קינדער דעם אַפּיטרופּס (דער גובּערנאַנטקע). א, די קרוין דעם יורש־עצר. א, די אָנפֿירונג דעם וויצעפּאָרזיצער. ,,...ער זאָל אונדז דעם בּחור א', מיר זאָלן אים אַ משפּט טאָן", יפּ. ,,מיט מיר גייט עס אַקוראַט ווי מיט מײַנעם אַן אַלטן חבֿר איובֿ — בּשעת ער איז איבּערגעגעבּן געוואָרן צום שׂטן אין די הענט,,, ממוס, קליאַטשע. ,,דו בּיסט דאָך בּײַן קעניג דער לעבּן, וועט ער דיר געוויס מרדכין א'", אָ. בּודזאָן, המן מיט מרדכין, ווילנע 1901. א, (אין די הענט פֿון) דער פּאָליציי. א, דעם שפּיאָן צום מיליטערישן געריכט. ,,עסקים מיט קויפֿן און א, חזקות אויף טיש און אויף בּענק" [צו שלאָפֿן אויף זיי אין בּית־מדרש], ממוס, שלמה. *א, (אַ ייִדן) אין גויאישע הענט = א) אים פֿאַרמסרן פֿאַר דער מאַכט, מע זאָל

יענעם באַשטראָפֿן; ב) רופֿן צו (שטעלן פֿאַ□)
אַ ניט־ייִדישן געריכט. „מע טאָר אַפֿילו אַזאַ
חזיר ניט א, אין גויאישע הענט„, רייד.

5. איבערשרײַבן אויף אַ צווייטנס נאָמען. „אַוועק צום נאָטאַריוס א, דאָס געשעפֿט אויפֿן ווײַבס נאָמען“, רייד. „לאָז מען אים א, דעם בילעט אויף זײַן נאָמען„, שע, אָרעמע און פֿריילעכע I.

6. געבן פֿולמאַכט אָדער דערלויבעניש עפּעס צו טאָן. א, דעם שותּף דורכצופֿירן די טראַנסאַקציע. א, דעם געהילף זיך אונטערצושרײַבן אויף אַלע בריוו. „האָב איך מיר אײַנגעבעטן, דער אַלטער...זאָל מיר א, די האַנט [בײַם שפּילן קאָרטן] אויף צוויי־דרײַ פּאַרטיעס“, שע, אײַזנבאַן־געשיכטענך.

7. באַווירקן; מאַכן אַז אַ צווייטער זאָל איבערנעמען אַ שטימונג, אַן אײַנשטעלונג, אַ גלויבן, אַ שטייגער לעבן אע. א, די קינדער דעם פֿאָטערס הנהגות. א, דעם עולם די באַגײַסטערונג פֿון דעם רעדנער. א, דעם זעלביקן מתנגדישן דרך, חסידישן ברען אע. „אפֿשר

איבערגעבן

□ ----

האָט [דער רבי] מיר מיט די שטילע אויגן
איבערגעגעבן אַ ביסל חסידות?“, פּרץ, זכרונות.

8. געבן צו פֿיל, איבער דער מאָס, מער
ווי מע דאַרף, מער ווי עס קומט. איבערוועגן,
איבערמעסטן. א, ביַים געבן אויסגאָב. א, ביַים
פֿאַרקויפֿן אויפֿן אַרשין, עמער אאַזוו. א, ביַים
טיילן צדקה. „מיר זיַינען ניט אַזעלכע שוטים
איבערצוגעבן אַ דינר של זהבֿ צו אַ שומר
וועלכער דענקט אַז עס איז נישט מער ווי אַ
דינר של כסף“, ר, י. ד. סאָלאָווייטשיק, פֿון אַ
דרשה, אַטלאַנטיק־סיטי כסלו תּשכ“ב.

9. געבן אַ סך, צו אַ צאָל, פֿון איינעם צום
צווייטן, אַ לענגערע ציַיט. א, נדבֿות יעדערן
וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט. א, (אַ ירושה,
אַ פֿיזישן דעפֿעקט) פֿון עלטערן צו קינדער,
צו קינדסקינדער. „אַלע פֿאַרענדערונגען וואָס
קומען פֿאָר אינעם גוף און אין דער נשמה...
ווערן איבערגעגעבן בירושה פֿון דור צו דור“,
ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. „ניט געווען □ □ ייִן
איינציקע משפּחה וואָס זאָל ניט א, בקבלה
איש מפּי איש וואָס פֿאַר אַ קרבנות די
פֿאַמיליע האָט פֿאַרלאָרן“, לדב, נ„י תּשי“ז. „איין

טאָג דעם צווייטן אין גראָווע פּאָלעס ברייטע
דעם קאַלטן טוי גיט איבער“, האָפּ, 'האַרבסט'.

10. אינפֿאָרמירן, לאָזן וויסן. א, אַ ידיעה. א, די בשׂורה. א, דער אָרטיקער צײַטונג ווער עס איז דער געווינער. א, עפּעס פֿון מויל צו מויל, מפּה לפּה. א, אַ סוד. מעגסט אים א, אין מײַן נאָמען אַז ער איז אַ...[עפּעס לגנאי]. א, די לעצטע נײַס דורך ראַדיאָ. „האָט מען אים איבערגעגעבן ווי זיי גייען שטענדיק ביידע„, ש. בעקערמאַן, די גוטע פֿרויא, ווילנע, [יאָר?]. „גיט מיר איבער אויף אַ ציטערדיק קול...עפּעס אַזוינס אַז דער רוח מעג טאַקע כאַפּן דעם ממזר“, ממוס פּישקע. „ווי די גמרא

—

זאָגט אפֿי, מה שתּלמיד ותיק עתיד לחדש איז אַלץ איבערגעגעבן געוואָרן פֿון השי„ת צו משה רע“ה„, שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבערג 1893. א, די שווערע לאַגע. או □וו, מיט ו ו ע ג ן, אויב דאָס אינפֿאָרמירן איז ניט וועגן אַלץ, נאָר וועגן אַ טייל אָדער אַרום אַן ענין. א, וועגן דער שווערער לאַגע. “איך האָב אַלץ קיין צײַט ניט, האָב איך אײַך וועגן דעם ניט געקענט א'“, ממוס, שטורעמצײַט.

11. אָנזאָגן, באַפֿעלן. א, דער

קראַנקנשוועסטער וואָסערע רפֿואות צו געבן בײַנאַכט.
„דער
באַרדיטשעווער רבֿ האָט געהייסן א, דעם
בעלעגלה, אַז אויב מע וועט אים וועלן געבן היי
און האָבער..., [זאָל ער] ניט נעמען“, לדבֿ,
נ„י תּשי„ז.
12 פֿאַרמיטלען בײַם יעדן אופֿן קאָמוניקירן.
.
א, אים וואָס זי האָט געמיינט. א, אַ האַרציקן
ג ר ו ס די פֿרײַנד. א, ברכות, די בעסטע
וואונטשן, כלערליי ווינטשענישן. א, יענעמס
בקשה, טענה. „גיי — האָט מען דעם מת געזאָגט
— גיי, זײַ אונדזער שליח...זאָלסטו עס א,
אונדזער פֿאָטער אין הימל“, ממוס, וואָלין.
„אליהו הנבֿיא האָט עס איבערגעגעבן דעם
בית־דין של מעלה“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכ טן.
„שווער מיר אָבער בײַ דעם אָרון...אַז דו וועסט
דײַן אַלטן רבין א, גאָטס ווערטער“, יהואָש,
'עלי און שמואל'.

איבערגעבן

13. איבערדערציילן. א, פּינקטלעך, אַקוראַט,
אות־באות. א, מיט אַלע קליפּערלעך, מיט

אַלע פּרטים, מיט פּרטי־פּרטים. א, די גאַנצע געשיכטע. ,,וואָס איך האָבּ אין חלום געזען...,, בּין איך ניט אין שטאַנד איבּערצוגעבּן,,, פּרץ, 'לכּבֿוד חנוכּה'.

14. אויסטײַטשן, פֿאַרטײַטשן, מסבּיר זײַן. ריכטיק פֿאָרמולירן. לערנען. ,,יעדער מלמד [מוז האָבּן] אַ ריין מויל מסבּיר צו זײַן דעם קינד (וואָרעם מע קען זײַן אַ מלמד און ניט קענען יענעם א□)“, קמ, l864, No 2l. ,,איבּר גי'בּט [אַרכ] דיא חכמה ניט אַן דיא זיא ניט ווירדיג זײַן,,, ספֿר מבחר הפּנינים, הומבּורג תּצ“ט. ,,איבּערלאָזן אַ וואָרט...אומפֿאַרטײַטשט אָדער עס א, מיט אַ לשון־קודשן סינאָנים האָט בּײַ זיי אויסגעוויזן ווי אַ מין...אָפּנאַרערײַ“, ש. נאָבּל, חומש־טײַטש. “...איבּערגעגעבּן געוואָרן אין אַן אומפּינקטלעכער און אומגעראָטענער פֿאָרעם“, ימ, ייִשפּ X□I, 2.

15. אויסדריקן (אין ווערטער). אָפֿט מיט נ י ט. א, אויף פּאַפּיר. א, מיט דער פּען. ,,[דע□] וואָס איז ניט געפֿלויגן אין דער לופֿט אַזוי ווי איך, רײַטנדיק אויף אַ קאָטשערע, ...איז אוממעגלעך א, דעם טעם פֿון אַזאַ נסיעה מיט ווערטער“, ממוס, קליאַטשע. ,,איך בּין

גאָרניט אין שטאַנד א, דאָס עגמת־נפש„, שע, מנחם־מעגדל. „וואָס [איר] קוק האָט געזאָגט — דאָס קאָן איך ניט א', דאָס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן“, בן־עמי, די ערשטע נאַכט פון חנוכה, אַדעס 1893. „ס'איז נאָו ניט געבוירן געוואָרן דער מחבר וואָס זאָל קענען מיט ווערטער א, אַלצדינג וואָס דער אמתער ייִד פילט פון דעם עונג־שבת“, י. ל. בינשטאָק, ביי ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896.

16. אויסדריקן (אויף אַ קינסטלערישן אופן). א, מיט געציילטע אַקאָרדן די שטימונג. א, אויף (מיט) אַ בילד אַן איבערלעבונג. א, מיט (דורך) אַ פידעלע צאַפּלענישן פון דער נשמה. „ער האָט פאַרשטאַנען איבערצוגעבן ריכטיק דעם שיין און שאָטן, אַזוי אַז יעדע זאַך איז אויסגעקומען לעבעדיק און בולט“, יtראל רוחמובסקי, זכרונות..., פאַריז 1930.

17. אַוועקגיין. אָפּגעבן. מוסר זיין. „א, דעם נפש צו הייליקן זיין נאָמען“, תניא, 98. „איז מקבל אויף זיך די מצווה (בכל נפשך צו יעדע צייט א, זיין לעבן פאַר אַהבֿת־השם„, שמו פלאי, ספר האמת והשלום, לעמבערג 1893. „און זאָל זיך, אונ, זיין לייַב, אונ, געלט איבר געבן פון גאָטש וועגן„, עח, יז/ב.

איבערגע'בן — אַדי. דטשמ. נר. אָפּט געניצט.
← איבערגעגעבן. א'ענער פֿרײַנד. „איר וועט
טרײַער און א'ענער דינען די אינטערעסן...,,,
זשיט I י, נ"י 1917. "שטאָט צו פֿאָלגן א, און
מיט זײַן ראָלע זײַן צופֿרידן...", יהואָש, 'פֿון
אַ בריוו'. ־הייט ־קייט — „מיט דער
.
גאַנצער א, פֿון אַ לײַדנשאַפֿטלעכן ליבהאָבער",
זב לכּבֿוד דר, א. מוקדוני.
איבערגעבן זיך — ← אי'בערגעבן. 1. מיטן
ב פֿון פֿאַסיוו פֿון דור צו דור פֿון פֿאָטער
. „ ,
צו קינדער, גיט זיך איבער בירושה דער
שווערער לאַסט וועלכן דער אַרבעטער שלעפּט",
די כירות, לעמבערג 1896. אידייען,

שטימונ898

גען וואָס גיבן זיך ניט איבער = ס'איז שווער
אָדער מע קען ניט איבערגעבן זיי. „פֿאַראַן
זאַכן וואָס גיבן זיך ניט איבער...וויפֿל אַ מענטש
זאָל ניט באַזיצן די בעסטע חושים און
כשרונות", לדב, נ"י תשי„ז.

2. אַרויסקומען, אויסטיילן זיך פֿון איינס און אַרײַנדרינגען אין צווייטס. „אַ ליבלעכקייט שטראַלט אַרויס און גיט זיך אונדז איבער פֿון זײַן גאַנצער פערזענלעכקייט“, רייד. „ער האָט אַ פֿיזישע הנאה פֿון דער וואַרעמקייט וואָס גיט זיך אים איבער פֿון איר מיידלשן קערפּער„, מ. בורשטין, גורל.

3. (מיט פֿרײַען ווילן) זיך אונטערגעבן, זיך אָפּגעבן אין רשות (פֿון אַ שטאַרקערן). זיך א, אין די הענט פֿון פּאָליציי. זיך א, אין געפֿאַנגענשאַפֿט. זיך א, אין דעם שׂונאס הענט. א, זיך אויפֿן קיניגס גנאָד. „...שיקט עטלעכע הונדערט מאַן קאָזאַקן בערמה, זיי זאָלן זיך א, בײַ דעם רשע גאָנטע“, מעשׂה אומן. „שטיל נעמט אים דער חבֿר אַרום אַצינד און גיט זיך איבער צו דעם אַכזר געשווינד“, עט, לידער. „מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן. די שיף געהערט שוין צו זיי. מע מוז זיך א'“, פּה, פֿון ווײַטע לענדער.

4. דז וועגן אַ פֿרוי, מיט סעקסועלן ב. „זײַן מוטר...דואר איין יהודית, דיא איין יונגי הור וואַר, אונ, האָט זיך גערן איבר גגעבן אין דיא מאַכט פֿון אַבדאַלה“, שאַר. „[זי] וועט זיך קיינמאָל קיין מאַן נישט א', ביז דער

פֿאָטער און מוטער...ווען ניט נעמען דאָס
אונטערפֿירנס“, אָפּאַ, היברו פֿיג. „די וועלט
.
איז זיך מכין דעם ווינטער דעם בלייכן און
קאַלטן זיך איבערצוגעבן“, יהואָש, 'אָסיען'.
5. מיט געטרײַשאַפֿט ווערן אונטערטעניק
עמעצן. זיך א, מיט לײַב און לעבן (זעל).
א, זיך מיטן גאַנצן האַרצן, בכל לבֿ ונפֿש.
„ער איז פֿאַרטיק מיט לײַב און לעבן זיך א,
צו [אים] — אַזאַ וואוילער, ערלעכער, געטרײַער
מענטש!“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. פֿיג. „צו
קאָנען אונטערטעניקן זיך צום ערשטן שפּראָץ
פֿון שײַן און א, זיך אויף שטענדיק אין זײַן
שליטה„, הל, טמז, 3 ▯ 1959.
6. זיך לאָזן באַהערשן אינגאַנצן פֿון אַ
געפֿיל, איבערלעבונג, תּאווה אע פֿון אַן אידיי(ע),
,
שיטה. א, זיך דעם ייִאוש. א, זיך צו די
אויפֿגעוועקטע מוטערלעכע געפֿילן. א, זיך צום
ביטערן טראָפּן. א, זיך צו זינד. א, זיך צו
דער רעוואָלוציע. „ער האָט פֿאַרלאָזט די קלויז
...און זיך איבערגעגעבן זײַנע נייגונגען וואָס
האָבן אים געבראַכט אויס דעם דרך הישר“,
י. גאָלדענפֿאַדען, קמ, 46 1870, No.

7. זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס אויף אַ לײַדנשאַפֿטלעכן אופֿן. זיך א, (צו) דער פּען, דעם פּענדזל אע. „פֿאַרשווענדן די צײַט...אין... גערײדערײַען...צו װעלכע ער האָט זיך מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן“, ממוס, שלמה. “איז ניט קײן עבֿירה אַ ביסל א, זיך אָט אַזעלכע אַרטן פֿון כאָזײַסטװע„, מ. װעללעך, װי מע פֿלאַנצט אַ סאָד, װילנע 1900 פֿיג. „צװײַגן האָ.

בן זיך אַלע װײַלע אױפֿגעכאַפּט,...זיך װידער איבערגעגעבן דעם שטילן, גרינגן שאָקלען„, בעדן, אָפּגאַנג.

איבערגעבערענונג

איבערגעבעט — אַדי, פּאַר איבערבעטן (אַ בעט) ←. א'ע געלעגערס.

איבערגעבעטן — אדי, פּאַר איבערבעטן (זיך) ←. א'ענע שכנים. דאָס א'ענע פּאָרפֿאָלק. „אַ קינד...אַפֿילו װען עס װערט שױן ברוגז, באַלד ...איז דאָס שױן צוריק א, און גוט„, ספֿר שבחי רמ“ל, לעמבערג. ־ערהײט — אַדװ.

איבערגעבעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערגעבן (זיך). איר.

מסודה.
איבערגעבעניש — דאָס (די), ־ן. 1. געדויעריקער פּראָצעס פֿון איבערגעבן (זיך). 2. געטרײַשאַפֿט, גרויסע פֿרײַנדשאַפֿט. „אין דער שטילער נאַכט וועט ער שיקן דיר זײַנע צוויי מלאָכים ווײַסע — פֿון תּשובֿה, חרטה און א, צו אים“, פּרץ, 'אין פּאָליש אויף דער קייט'.
איבערגעבעסערט — אַדי, פּאַר
איבערבעסערן ←. וואָס איז געמאַכט נאָך בעסער פֿון,
דאָסנײַ פֿאַרריכט. אַן א'ע אַרבעט. א'ע מידות.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעבער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. דער א, פֿון בריוו, פֿון די ידיעות אאַזוו.
„אַן איבערזעצער מוז זײַן אַ געטרײַער א, פֿון אינהאַלט און אויך פֿון פֿאָרעם„, רייד.
„דאָס געפֿיל פֿון אומצופֿרידנקייט מיטן אמת טראָגט זיך אַריבער אויף דעם א,“, ימ, קוד, 1938. 2. ווער עס דערציילט, אינפֿאָרמירט וואָס מע טאָר ניט. מסור. רכילותניק. היטן זיך פֿאַרן א'.
אי־בערגעבע'רן — טרוו. איצ, אימפּ נב־
~געבערט. 1. מאַכן עס זאָל געבוירן ווערן.

גענבערן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן.
פֿיג. גרינטלעך איבערפֿורעמען,
איבערקאָנסטרואירן, איבערגעשטאַלטיקן. א, אַ פּאָעטיש ווערק.
א, דעם עיקר פֿון חסידות דורך דער
נעאָחסידישער באַוועגונג. 2. געבערן אַ צאָל.
„אונדזערע באָבעס פֿלעגן א, ביז צען־צוועלף
קינדער“. ־ונג.
איבערגעבראָטן — אַדי, פּאָר איבערבראָ..
טן ←. אַ האַרט, א, שטיקל פֿלייש. „און די
פּאָלקע פֿון דעם עוף איז געווען אַ ביסל
א',„ שע, יוגנט־ראָמאַנען. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעבראַכט — אַדי, פּאַר
איבערברענגען ←. א'ע פּליטים. א'ע מעבל. א'ע
פֿירונגען, מנהגים. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעבראָכן — אַדי, פּאַר איבערברעכן
←. אַן א'ענער בוים. א'ענע פֿרײַנדשאַפֿט.
„ער איז באַפֿרײַט געוואָרן אַן א'ענער, אַן
אײַנגעבראָכענער און אַ צעפּײַניקטער“, ג.
פּאָמעראַנץ, היימיש, שבֿט תּשכ„ב ־ערהייט

.

— אַדוו ־קייט.

.

איבערגעבריל — דער, ־ן. דאָס איבעררופֿן

זיך דורך בּרילעריַ (פֿון חיות). אַן א, פֿון לייבּן.

איבּערגעבּרענונג — די, ־ען. רעזולטאַט פֿון איבּערבּרענען. דאָס וואָס בּלײַבּט נאָכן איבּערבּרענען. נר. "נאָכן טויט פֿון [געוויקסן] ווערן די רעשטן פֿון זיי אַזוי איבּערגעבּרענט (איבּערגעפֿוילט)...[די] רעשטן זײַנען דאָס די

איבּערנעבּרענט

שוואַרצע זאַך וואָס רופֿט זיך אַן א',,, דאָס פּפֿלאַנצענלעבּען, וואַרשע 1899.

איבּערגעבּרענט — אַדי, פּאַר איבּערבּרענען ←. א'ע ציגל. א'ע קוילן. אַן א, עלעקטריש לעמפּל. א, פֿון שיכּרות. *אַן א, האַרץ = וואָס איז ניט מער דורכגענומען מיטן פֿריִערדיקן שטאַרקן געפֿיל. ,,אויפֿהענגען אויף אַן א'ן שטרוי,,, פֿוול — איר ווען אַ שטראָף. ,,פֿאַלן איבּער אַן א'ן שטרוי", פֿוול — איר וועגן אַ נישטיקן מכשול. ,,דעם קינד [וואָס הוסט] געבּן צו טרינקען א'ן הירשנהאָרן", א. י. שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבּערג תּרס,,ט. ,,אונטערגערייכערט אים מיט פֿעדערן, געגעבּן אים שמעקן...א'ע, געמאָלענע קאַווע", ממוס,

ווינטשפֿ. "...מיט אַ פֿרישטשעוואַטן פּנים, מיט
א'ע אויגן", י. עמיאָט, פֿאָר, 24 III 1960. "דער
ווינט טראָגט...דורך...אַ פֿאַרגעסן־פֿאַרוואַלגערטן
ריח פֿון אַ זוניק־א, בלאַט,,, א. שעכטמאַן, סאָוו,
היימלאַנד, 1 1962, No. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעגאַנגען — אַדי, פּאַר איבערגיין ←.
אַן א'ער וועג. אַן א'ער כּעס. אַן א'ער קאָן.
,,ר, יצחק יודלס מיט ר, שמעיהן, אַן אַלטער
שמשׂ פֿון רבין וואָס טראָגט דעם רבינס א'ע
קליידער,,, ש. אַש, אַ שטעטל I, נ,,י 1911.
־ערהייט — אַדוו. א, האָט ער ווידער
פֿאַרשפּילט.
איבערגעגאָסן — אַדי, פּאַר איבערגיסן ←.
א'ענער ווײַן. א'ענע סטאַטוע, מטבעות. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעגאַרטלט — אַדי, פּאַר
איבערגאַרטלען ←. א'ע קאַפּאָטע. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעגילט — אַדי, פּאַר איבערגילדן,
~גילטן ←. א'ע לײַכטערס. ,,און, ער וואַר
בקליידט מיט איין זילברן פּאַנציר און, וואַר
איבר גילד [אַרכ, אָן גע־] מיט לוטיר גאָלד,,,
יוסיפֿון, אַמשט 1743. ,,די זון גייט אַזוי
הערלעך אויף, ווי זילבערט א',,, גענאַרטע וועלט,

1815? „די חופה־שטאַנגען אויס טענעהאָלץ
און א, מיט גינגאָלד„, יעקעל מאָרגענשטערען,
ר, חצקעלע, וואַרשע 1882. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעגלוט קט — אַדי, פּאַר '
איבערגלוטיקן'. „א'ע אויגן“, הל, 1923.
איבערגעגליט — אַדי, פּאַר איבערגליִען ←.
א, עלעקטריש לעמפּל. אין אַן א'ער
פּאָליטישער אַטמאָספֿער. „שיט אַרײַן דעם א'ן באָדן
אין אַ גלאָז, גיסט אַרײַן...„, יאַכ. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעגעבן — אַדי, פּאַר אי'בערגעבן ←.
הויפּטב: געטרײַ, לאָיאַל. גרייט צו העלפֿן מיט
אַלץ. צזוו מיט ז ײַ ן. א, מיט לײַב און לעבן,
מיט לײַב און זעל, מיטן גאַנצן האַרצן. א,
בלבֿ ונפֿש, בכל נפֿשו. א'ענע פֿרײַנד. א'ענע
פֿרײַנדשאַפֿט. זײַן א, ווי אַ לײַבלעכע מוטער,
ווי אַ שקלאַף. זײַן א, אַן אידיי(ע). „
נאַציאָנאַליסט הייסט אַזוינער וואָס איז א', צוגעבונדן...“,
ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. „מוטערס זײַנען
א, צו די קינדער מיט דעם גאַנצן לײַב און
לעבן, זאָנסט וואָלטן זיי זיך ניט אויסהאָדעווען„,
צ. נ. גאָלאָמב, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

„דער לערער דאַרף זײַן מיטן גאַנצן האַרצן
א, דער שול", שלמה באָנדאַרטשוק, אַ בריעף
צו אידישע עלטערען, אַדעס 1913. „די אַנפֿירער
זענען אויסגעוואַקסן איבערן המון...געבליבן
זיצן אויף א'ענע אַקסלען„, אָפּאַ, 'קוילנגרעבערס'.
„דערפֿאַר איז ער דער זאַך א'„, נס. „עס קען
פֿאַרפֿירן די א'ענע געטרײַשאַפֿט צו דער
אייגענער מוטערשפּראַך„, ימ, ייִשפּ XXII, 3.
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעגעבנהייט — די, ־ן. נר. ← דוווו.
„זי פֿלעגט בעסער ליב האָבן פּעסעס פּראָסטע
א', אָן צערעמאָניעס, איידער ראָזעס איידל
באַנעמונג", ש. ש. גרינפֿעלד, די ארמע
געבילדעטע, ווילנע 1896.
איבערגעגעבנקייט — די (דאָס), ־ן.
אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן
איבערגעגעבן. געטרײַשאַפֿט, לאָיאַליטעט.
אומבאַגרענעצטע א'. „א, פֿון עלטערן צו קינדער איז פֿון
אַן אַנדער מדרגה ווי די א, פֿון קינדער צו
עלטערן", רייד. „די גאַנצע א, זײַנע זאָל זײַן
רוחניות", לדבֿ, מאמר ראָש השנה, נ"י ת"ש.
"מײַן ליבשאַפֿט און מײַן א, זענען נאָר מיט
אַ...פּניה", ממוס, שטורעמצײַט. „

אויסערגעוויינלעכע א, האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן
אַרויסוויַיזן,,, וויַיס I י, 'ווי דער גורל פֿירט'.
איבערגעגעסן — אַדי, פּאַר איבערעסן (זיך)
←. וואָס רופֿט מער קיין שום אינטערעס ניט
אַרויס. לאַנגוויַיליק. ניט־ליב, דערווידערדיק. א,
מיט פּראָפּאַגאַנדע. א'ענער גאַסט. א'ענע טעמע.
א'ענע געזעלשאַפֿט. ־קייט.
איבערגעגרייזלט — אַדי, פּאַר
איבערגריַיזלען ←. א'ע האָר. א'ע פֿראַזע, מיט צו פֿיל
-

פֿליטערלעך. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעדאַרט — אַדי, פּאַר איבערדאַרן ←.
א, ברויט. אַרויס פֿון דער קראַנקייט א, און
איבערגעקוואַרט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעדויערן — ־ער איבער, ~געדויערט.
אוטוו — געדויערן אַ לענגערע צייַט. בלייַבן
עקסיסטירן (האָבן אַ ממשות, אַ ווערט) נאָך
אַ לענגערער צייַט. אַ באַוועגונג וואָס וועט
א, מער ווי הונדערט יאָר. ,,דער נגידישער
שטאַט...גייט אונטער, אָבער א, געדויערט דער
ברודער..., דער בראַצלעווער חסיד",
.1
איבערש. ביקל,

שרײַבער פֿון מײַן דור I. טרוו —
וואַרטן. 2. געדויערן, זײַן, עקסיסטירן לענגער
ווי אַ צווייטער מענטש אָדער צווייטע
דערשײַנונג. א, דעם שטרײַק. „די השׂכּלה, אין איר
נײַער פֿאָרעם, האָט איבערגעדויערט די
אַסימילאַטאָרישע באַוועגונג„„ רייד.
איבערגעדונגען ־ט -
ער— אַדי, פּאַר איבערדינגען
←. די א'ע דירה. דאָס א'ע געשעפ.
הייט — אַדוו.
איבערגעדינט — [לאַנגע י אין פּד] אַדי, פּאַר
איבערדינען ←. א'ע צײַט. א'ע סאָלדאַטן. א'ע
מכשירים. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
איבערגעדענקען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ;
~געדענקט. געדענקען אַ סך פֿאַרשיידנס, אַ
,
לענגערע צײַט. „שווער איבערצוגעדענקען אַ ו
וואָס עס פּאַסירט אין לעבן„„ רייד.

איבערגעהאָדעוועט

-

איבערגעדעקט — אַדי, פּאַר איבערדעקן ←.
אַן א, טעפּל. האָר, א'ע מיט אַ פֿאַטשיילקע.

האַלבּ־א'ע אין טליתים. אַ סאָפֿע, א, מיט אַן
איבּערצוג. „ייִנגלעך, דינסטמיידלעך בּרענגען
פֿון קרובֿים פֿון שכנים און בּאַקאַנטע א'ע

,

טעלער, אין וועלכע עס געפֿינען זיך [
שלחמנותן]“; „דער טאַטע ליגט אויף דער ערד,
א, מיט אַ שוואַרצן שטיק געוואַנט“, ממומ,
שלמה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעדראָשן — אַדי, פּאַר איבּערדרעשן
←. א'ענער קאָרן. א'ענע רייד. „צווישן א,
שטרוי קען זיך דאָך אַמאָל געפֿינעו אַ קערנדל
ווייץ“, פּרץ, 'שמאי ראָטמאַן'. „מיר הערן די
זעלבּיקע א'ענע דרשות, די זעלבּיקע ליידיקע
פֿראַזן“, ה. זײַדמאַן, טמז, 13 ▯ 1965 III.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעדרוקט — אַדי, פּאַר איבּערדרוקן
←. א'ער מאמר. אַ נײַע אויפֿלאַגע, אַן א'ע
אָן שום שינויִים. ־ערהייט — אַדוו.
איבּערגעדרייט — אַדי, פּאַר איבּערדרייען
←. ספּעצ. 1. איבּערגעקערט, אומגעוואָרפֿן.
אַן א, בּענקל, גלעזל. „דרײַ זקנים זיצן
צונויפֿגערוקט אינאיינעם אויף אַן א'ן
שטענדער“, חג, 'זיידעס און אייניקלעך'. 2. וואָס
איז געווענדט אין אַן אַנדער זײַט. אומגעדרייט.

„די מוטער...שטייט אַצינד, א, צום ספֿרים־
שענקל“, פּרץ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבת'. *א'ע אויגן
= אומנאַטירלעך פֿאַרדרייטע, ווען מע זעט
ניט קיין שוואַרצאַפּל, נאָר די ווײַסלעך (ווען
אַ געהלשטן, אַ גוסס, אַ געשטאָרבענעם). „זי
איז שוין געלעגן אין אַ שטאַנד מיט א'ע
אויגן“, ווײַס I, 'דאָס לעבן'. „די אויגן זענען
געווען פֿאַרגלאָצט פֿון די ווינקלען פֿון א'ן
. □ .
מויל האָט געשלאָגן אַ...שוים„„ מ. ריבֿקין,
וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.
3. וואָס איז פֿאַרפּלאָנטערט, אין אַן אומסדר,
קאַפּויער. „אין קאָפּ דרייען זיך משונה־ווילדע
געשטאַלטן...אָבער אַלץ אָן אַ סדר,
אויסגעמישט, א, ווי אין אַ שדים־טאַנץ“, ממוס, '
בישיבֿה של מטה'. *ס'איז בײַ אים א, (אין קאָפּ)
די קליאָפּקעס, די שרײַפֿלעך = ניט בײַם
קלאָרן געדאַנק. 4. וואָס איז קאַליע געוואָרן פֿון
דרייען. „דער קומט מיט אַ שטומפּער האַק,
יענער קומט מיט אַ צעבראָכן מילכעדיק קלינגל,
אַן א, שלאָס“, ממוס, שלמה. „דעם א'ן שלאָס
האָט מען נאָכדעם טאַקע פֿאַרוואָרפֿן ערגעץ
אויף אַ שאַפֿע“, שע, 'שוין איין מאָל אַ סוכה,.
5 פֿאַרדרייט, אומפּינקטלעך, געפֿעלשט. דער

.

ציילן א'ע רייד. *אַן א, ש ל ע ס ל = א) אַ
פֿאַלשער, אַן אַפּיקורס. א, ווי אַ יווּנישער
שלעסל; בּ) ווער עס בּײַט גרינג און אוממאָטיווירט
זײַן מיינונג. ,,אַזאַ מין צעפֿאָרענער נפֿש, אַזאַ
מין א, ש, זאָל זײַן שעפֿעריש?,,, שנ, קריטיק
און קריטיקער. *אַן א'ער ש ל י ס ל [אַ טעות
אין אַרויסרייד וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט] =
דזוו א, שלעסל. ־ערהייט — אַדוו. ,,לאָזן
שטיין א, אַרום 24 שעה,,, מ. ראָוז, פֿאָר,
12 1966 I. ־קייט.

איבּערגעהאָדעוועט — אַדי, פּאָר
איבערהאָדעווען ←. א'ער בּייַבּאַק. ,,מיר פֿאַרדריסט,
וואָס ליאָליע זיצט אויף מײַן טאַפּטשאַן און

איבּערגעהאַמערט

סאָפּעט ווי אַן א'ע גאַנדז", מ. קאָבּריאַנסקי,
סאָוו, היימלאַנד, 1 1963, No.

איבּערגעהאַמערט — אַדי, פּאַר
איבּערהאַמערן ←. א'ער טאַץ. א'ע פּאָזיציעס פֿון
שׂונא. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

איבּערגעהאַנגען — אַדי, פּאַר איבּערהענגען

. פּפֿ: ~געהאָנגען. א'ע פֿירהענגלעך. ←
א'ע פֿענצטער. „קליידער און שמאַטעס, א,
מיט אַ לײַלעך„, ש. ש. גרינפֿעלד, די ארמע
געבילדעטע, ווילנע 1896. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעהאַקט — אַדי, פּאַר איבערהאַקן ← .
אַן א'ער בוים. א'ע רצועות. א'ער שמועס.
אַן א, לעבן. “ווען דער שטריק פֿון מזל איז
לאַנג און ברייט און ניט א'...ווײַזט דאָס, ער
וועט גליקלעך זײַן כּל־זמן ער וועט לעבן“,
איבז ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע 1882.
„געפֿינט אַמאָל שבת בײַם לייענען אַן א, אות
אין דער תּורה, מאַכט ער אַ גוואַלד„,
דלוגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע 1881. „
דערציילט מיר, נאָר ניט צעוואָרפֿן, פֿאַרקירצט און
א'„, ממוס, 'שם און יפֿת'. “דאָס קול ווערט
וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער, ווי פֿון טרערן
דערשטיקט, ווי פֿון יסורים א'“, פּרץ, חסידיש.
„און די מאַמע, די לאַם, ליגט א, אויף אַ
בילד אין אַ ראַם„, הל, 'דאָס טרייסטפֿולע אויג'.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעהאָרעוועט — אַדי, פּאַר
איבערהאָרעווען (זיך) ← . א'ע אַרבעטער. פֿאַלן פֿון
די פֿיס ווי אַן א'ער אָקס. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

איבערגעהויבן — אַדי, פֿאַר איבערהייבן ←.
א'ענע שטיינער, זעק מעל. אַן א'ענער פֿון
חניפֿה. אַן א'ענער = געבערעכטער. ־קייט.
.
איבערגעהונגערט — אַדי, פֿאַר
איבערהונגערן ←. א'ע אָרעמעלײַט. א'ע יאָרן. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעהיט(ן) — אַדי, פֿאַר איבערהיטן
←. א'ענע קינדער. א'ענע אוצרות. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעהייצט — אַדי, פֿאַר איבערהייצן ←.
א'ער אויוון. א'ע חדרים. „אַ לאָקאָמאָטיוו מיט
אַן א'ן קעסל און מיט צעגליטע אַקסן„, מ.
שיפּפֿעל, די עקאָנאָמישע איבערקעהרעניש ־נן,
זשענעוו 1904. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעהיפּערט — אַדי, פֿאַר
איבערהיפּערן ←. ־ פּפֿ: ~געהופּט. א'ע שורה. א'ע
טענער, א'ע טרעפּ. „די טומאה גייט ניט אַוועק,
נאָר זי בלײַבט אויף די פֿינגער...נאָר ביז מע
וואַשט זיך איבערגעהופּט“ [דה ניט דרײַ מאָל
כּסדר אָפּגיסן יעדע האַנט, נאָר בסירוגין: איין
האַנט און די צווייטע אאַזוו], סשי I. א'ער
צונויפֿהעפֿט = למשל: פֿעלד־ און וואַלד־

געוויקסן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעהיצט — אַדי, פּאָר איבּערהיצן ←.
א'ער מאָטאָר. אויך: צעקאָכט, שטאַרק
אויפֿגערעגט. א'ע אָפּאָנענטן. „שפּילט די לעצטע
פּאַזע, די א'ע, קיינמאָל קיין...ראָלע ניט אין...
לעבּן פֿון פֿאָלק“, זשיט I, נ״י 1912. ־
ערהייט — אַדוו. אַרויסגיין פֿון שטובּ א, און
אָן אַ מאַנטל. ־קייט.

9()()

איבּערגעהעכערט — אַדי, פּאַר
איבּערהעכערן ←. געהעכערטע און א'ע פּרײַזן. א'ער
באַאַמטער „וויפֿל מענטשן זענען...קראַנק
געוואָרן פֿון דעם א'ן דירה־געלט“, א.
מאָרגענשטערן, עגל הזהב, וואַרשע 1898. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבּערגעוואונען — אַדי, פּאַר
איבּערגעווינען ←. נײַע א'ע אָנהענגערס. דאָס א'ע געלט.
איבּערגעוואָי — דער, ־ען. דאָס
איבּעררופֿן זיך (פֿון חיות) דורך וואָיען. דער א, פֿון
שאַקאַלן.
איבּערגעוואַכט — אַדי, פּאַר איבּערוואַכן ←.
אַן א'ע נאַכט. א'ע קינדער. א'ע פּאָזיציע.

,,דער פֿאַרלויף פֿון דער...אַנטוויקלונג בײַם
יוגנטלעכן...א, פֿון עלטערן אָדער דערציִער‘‘, פֿגעז,
פּאַריז 9 1950, No־10 ־ערהייט — אָדוו.

.

־קייט.

איבערגעוואַ'לד — אַדוו. ← איבערגוואַלד.
,,מיר געפֿעלט דער שידוך ניט... — האָט שלמה
שטיל, ווי א, אַרויסגערעדט‘‘, ש. וואָלצאָנאָק,
דער קאיידאַנער עלוי, ווילנע 1913. ,,ער וועט
פֿון אָרט ניט אָפּטרעטן, ביז די ישועה וועט
ניט קומען א‘‘, י. א־ לייזעראָוויטש, דער
זינדיקער, פּעטראָגראַד 1919.

איבערגעוואַלדיק — ← איבערגוואַלדיק. ,,די
שמד,,, זק איבז, שד I. א רג ד .יק
י

פּליטים וואָס זײַנען אַנטרונע געוו ר א,
אַ

— ← איבערגוואַלדיקן.

איבערגעוואַקסן — אַדי, פּאַר איבערוואַקסן
←. פּפֿ: ~געוואָקסן. ספּעצ 1. וואָס איז
אַרויס פֿון ייִנגלשן אָדער מיידלשן עלטער.
,,זי האָט שוין געהייסן אַן א, מיידל, וואָס
פּאַסט שוין ניט צו לערנען בײַ אַ לערער‘‘,
ספּ, ייִדישער קאַלאָניסט. ,,די א'ענע מיידן בריִען

מיט אויסגעצוואָגענע קעפּ...וואַרפֿן אין פּנים פֿון די יונגען די צעפּ", בעריש ווײַנשטיין, איק, ר"ה תּשכ"א. 2. וואָס איז נאָך אַלץ אַ ניטחתונה־געהאַטע(ר), הגם עס איז שוין געווען פֿאַסיק חתונה צו האָבן. „אַן א'ענע מויד איז ווי אַ פֿאַראַיאָריקער לוח", שוו. „האָט ער אַ טאָכטער...שוין אַפֿילו אַ ביסל אַן א'ענע", שע, מנחם־מענדל.

3. איבעריק לאַנג געוואַקסן. א'ענע קאַרטאָפֿל. א'ענער סטיבון = (רעטעך) אויך: אומגעלומפּערטער מענטש. „אָבער פֿאַרפֿוילטע, א'ענע נשמות„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

4. וואַס איז צו הויך. פֿיג. וואַס האָט שוין אַריבערגעשטײַגט. עפּעס אַ הויכער דראָנג, אַן א'ענער. „מענדעלע־געשטאַלט איז איבערגעוואָקסן און האָט אַריבערגעוואויגן אַבראַמאָוויטשן", ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער. „א'ענע... מענטשן וואָס האָבן שוין אַלצדינג איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט„, קאָר . ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעוואַרעמט — אַדי, פּאַר איבערוואַרעמען ←. א'ע וועטשערע. א'ער מאָטאָר. „זענען זײַנע שורות איבערגעשטאַנען און זויערלעך ווי אַן א, מאכל — אויפֿן פֿערטן

טאָג“, יג, טמז, 22 1965 I ־ערהייט —
.
אַדוו. ־קייט — „הונדערטער קאַרס זײַנען
קאַליע געוואָרן פֿון א'“, פֿאָר, 1962 I ּו 20.

איבערגעווײַסט

איבערגעוואָרסן — אַדי, פֿאַר איבערוואַרפֿן
←. א'ענע זאַכן. א'ענע בעבעכעס. אַן א'ענע
הענגבריק. „מיט אַן אַלטער הילצערנער ביקס,
א, איבער די פּלייצעס“, ספּ, סודות. “אַן
אוקרײַניש העמד, א, איבער די הויזן, מיט
אויסגענייטע קרייצלעך אַרום האַלדז“, י. קייטעלמאַן,
איק, פּסח תּשכ„ג. אַן א'ענער קיין סיביר. *אַן
א'ענער (פֿאַרשוין) = וואָס וואַרפֿט זיך מיט
געלט. *ניט קיין א'ענער = ניט קיין
קלוגער, אַזוי ווי ניט קיין דערבאַקענער (
וולאָצלאַוועק און אומג'). א'ענע ל אָ ק ש ן — ברייטע

לאָקשן, וואָס מע לייגט עפּעס אַרײַן צווישן זיי, געוויינלעך קעז. לאָקשן, א'ענע מיט אײַנגעמאַכטס. א'ענע ש ט ע ך — אײַליקע, ניטגענוג אַקוראַטנע. א, קרעגעלע. א'ענע ג ר אַמ ע ן — וואָס קומען ניט כּסדר, למשל לויט דער סיסטעם א־בּ־א־בּ. אַן א'ענער פּ ז ר ▯— זייער לאַנג צעצויגענער. „מאַכט אַזוי אָטאָ דער דײַטשאָ'ן בּלשון דײַטשעריש און ציט דאָס אויס אַ קול, פּונקט ווי מע מאַכט אַן א'ענעם פּזר“, דער לאָדזער ▯וחר, בּאַרדיטשעוו 1910. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבּערגעוואַשן — אַדי, פּאַר איבּערוואַשן ←. אַן א, העמד. א'ענע כּלים. *א'ענע גרעט = איבּערדערציילטע רכילות. א'ענע ק י נ ד ע ר — גוט געהאָדעוועטע, וואָס זעען אויס געזונט. „אַ קלייניקייט, אַזעלכע א'ענע קינדערלעך, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע“, שע פֿונעם יאַריד II.

,

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבּערגעוויאָנדזלט — אַדי, פּאָר איבּערוויאָנדזלען ←. א'ע הערינג. ־ערהייט — אַדוו.

אי'בערגעוויזן — אַדי, פּאַר איבּערווײַזן ←. א'ענע פֿאַסאָנען. א'ענע בּילדער. ~געווי'זן

= דערוויזן. דטשמ. נר. „אַ שלעכטער מענטש ...דורך עדות א, — טאָר ער זיך נישט אויף דער קעמפּע מער געפֿינען„, ראָבינזאָהן II, ווילנע 1880. ~(גע)ווי'זן = איבערגעשיקט. דטשמ. נר. דאָס א'ענע געלט.
איבערגעווייטיקט — אַדי, פּאַר איבערווייטיקן ←. א'ע יאָרן. א'ער אויפֿטו. „דער הונגער נאָך מענטש, נאָך א'ן ייִד", אפֿא, ווײַסע שטאָט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעווײלט — אַדי, פּאַר איבערווײלן ←. א'ער גבאי. א'ער פּרעזידענט. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעווײן — דער, ־ען. געדויערדיק(ער) געווײן (פֿון אַ צאָל, אין פֿאַרשײדענע ערטער). פֿון אַלע ווינקעלעך דערטראָגט זיך אַן א„.
איבערגעווײנלעך — אַדי. מער, אַנדערש ווי געווײנלעך, אויסערגעווײנלעך. א'ע כּשרונות. "איז אַ קצבֿ געווען, דערצו נאָך א, דיק און אומגעלערנט", יונה טרובניק איבז, אסתּר המלכּה, באַרויטשעוו 1888. „באַקומענדיק אַזאַ א'ע מאַכט און דאָס רעכט אויפֿצוטראָגן זיך... דירעקט...אַפֿילו מיט דעם קיסר אַליין...", בונד, סטעפֿאַן כאַלטורין, לאָנדאָן 1902 ־קייט.

.

איבערגעווײַסט — אַדי, פּאַר איבערווײַסן ←.
א'ע שטובן. לכּבֿוד פּסח א'ע פֿאַנען. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעווייקט

איבערגעווייקט — אַדי, פּאַר איבערווייקן ←.
א, פֿלייש. אַן א'ער הערינג. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעוויכט — דאָס, ־ן. דאָס וואָס וועגט איבער. איבערוואָג. עודף בײַם וועגן. פֿאַרקויפֿן מיט אַן א', איבער דער וואָג. אַ מאַנשאַפֿט מיט אַ קאָנטיק א, איבער דער צווייטער. „מיט דעם וואָס ער זיך באַשטרעבט איין מצווה מער מקיים צו זײַן איז ער גורם צו באַווירקן דאָס א, צו▯..זבאי„, ר, הילל ליכטנשטיין, עת לע▯ות I▯, סאַטמאַר תּרפּ״ה. „דער א, פֿון שטאַרקע אימפּעראַטיוון„, ק. כּצנלסון, היימיש, אייר תּשי„ט. ־יק — אַדי. ־יקייט — „די א, פֿון מאַרקס, טעאָריע איבער פּרודאָנס“, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור.
איבערגעווין — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערגעווינען. אַ גרויסער א'.
אויך: ~געדוינס.

איבערגעווינען — טרוו. געווין איבער, ~ געוואונען. 1. דזוו געווינען. א, די מלחמה. א, די שׂונאים. „און, אין אַן פֿאַנג פֿון דיא שטרײַט האבן די כּשׂדים איבר וואונען" [אַרכ], יוסיפֿון, אַמשט 1743. „ווען דו זיי [= די ייִדן] ווּעסט א, וועט מען זאָגן: דאָס איז קיין חידוש, עס זענען יהודים די ער איבערגעוואונען האָט. אָבער ווען זיי דיך א', אַזוי וועט מען זאָגן..."; ר, ראובֿן אַראַנאָוויטץ, אלדד הדני, פּראָג 1863. „דיביידע האָבן זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז דער יצר־טובֿ האָט איבערגעוואונען", א. ב. רוף, דער שיכּור..., וואַרשע 1871. 2. ווידער געווינען (נאָכדעם ווי מע האָט געהאַט פֿאַרלאָרן). א, צוריק דאָס פֿאַרשפּילטע געלט. 3. געווינען אַ סך, אַ צאָל מאָל. א, אַן אוצר מיט געלט. 4. אַריבערקריגן, אַריבערציִען עמעצן צו זיך, צום אייגענעם צד. א, די אומפּאַרטייאישע, די קעגנערס. לאַנגזאַם א, דעם אָפּאָנענט. א, די גרויסע מערהייט פֿון פֿאָלק. "אויב מע קען אים ניט א', מוז מען אים איזאָלירן", ל. הענדין, פֿאָר, 19 XII 1964.

איבערגעוויקלט — אַדי, פּאַר איבערוויקלען ←. א'ער שטרודל. א'ע יריעות. א'ע פֿעדעם. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעווירצט — אַדי, פּאַר איבערווירצן
←. א'ע מאכלים. א'ע עפּיזאָדן. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעווישט — אַדי, פּאַר איבערווישן ←.
א'ע גלעזער, שויבן. א'ע פּנימלעך. ־ערהייט
— אַדוו. אָנטאָן די ברילן א'.
איבערגעוועלטיקן — טרוו. ־טיק איבער,
~געוועלטיקט. איבערשטאַרקן, גובֿר זײַן.
בײַקומען, באַהערשן, מנצח זײַן. א, דעם שׂונא,
די שוועריקייטן, די תּאוות, די לײַדנשאַפֿטן.
"יוסף הצדיק האָט זײַן יצר־הרע
איבערגעוועלטיקט און האָט זיך אויף איר ניט אומגעזען",
חבֿור יפֿה מהישועה, וואַרשע [1846?]. „די
מאַטקייט האָט אים איבערגעוועלטיקט", באַש,
פֿאָר, 10 1961 II. „ראַנגלעניש ממעמקים
איבערצוגעוועלטיקן דעם יאוש פֿון אַ געבראָכן
לעבן", חג, טמז, 29 1965 I. ~געוועלטיקט
— אַדי. "מיט אַן א'ן גרויל ער רוימט מיר

אין אויער אַ סוד אַרײַן", הל, בלאַט אוף אַן
עפּלבוים.

איבערגעוועקט — אַדי, פאַר איבערוועקן (זיך) ←. די א'ע פּאַסאַזשירן אויף אַ וואָקזאַל. א'ע קאָלאָניאַלע פֿעלקער. דאָס א'ע געוויסן.
־קייט — „די א, פֿון אַ ראַסע וואָס איז געשלאָפֿן דורות־לאַנג„, פֿאָר, 14 XI 1958.

איבערגעזאָגט — אַדי, פאַר איבערזאָגן ←. א'ע חידושי־תּורה. ־ערהייט — אַדיִ. א, האָט עס קיין טעם ניט. ־קייט — „באַנײַטע יידישע מאָטיוון, אַפֿילו אין זייער א'□, יג, טמז, 8 1□19 I.

איבערגעזאַ — אַדי, פאַר איבערזאַלצן ←. אויך: ~געצט. א, פֿלייש. א'ענע וויצן. א'ענע פרײַזן. „אויפֿן האַרצן איז ווי אין פסוק שטייט: חלבֿ ודבֿש — אָנגעזאַלצן און א'", פֿוול. „די גאַנצע קאָמעדיע פֿון משוגענער פֿרומקייט און גוטסקייט פֿון א'ענער ליבע צום פֿאָלק פֿון פֿוילע קרעכצעלעך, זיפֿצעלעך", ממוס, ווינטשפֿ. „אויב דאָס בלוט איז גאָר שטאַרק א'...„, דר, עמנואל פאַט, טמז, 13 □ III 1961. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעזאַנג — דער, ־ען. 1. פּאָעטישער

איבערגעזויסן — ◌די, פֿאַר איבערזויפֿן ←.
געוויינלעך: ~געזויפּט. א'ענע
פֿאָגראָמשטשיקעס. „ס'איז ליגן...די א'ענע בעטלערקע נאַרט
איַיך“, מ. ריבקין, וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.
איבערגעזונגען — אַדי, פֿאַר איבערזינגען ←.
א'ע לידעלעך. אַן א'ער פֿריַיז. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעזוניקט — אַדי, פֿאָר איבערזוניקן ←. מאַרק ווב. איבערגעפֿילט מיט זון. א'ע צימערן. אַן א◌ער טאָג.
איבערגעזייט — אַדי, פֿאַר איבערזייען ←.
א'ע פֿעלדער. א'ער קאָרן. א'ע קולטור.

איבערגעזײט — אַדי, פּאַר איבערזײען ←.
א'ע לאָקשן. "די נאַכט פֿון שבת אָדער די נאַכט וואָס געהער צו מיטוואָך טאָר מען אין דער פֿינצטער ניט טרינקען וואַסער, אַפֿילו א', וואָרעם עס איז אַ סכּנה", דרך הישרים, [קעניגסבערג] 1857. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעזײערט — אַדי, פּאַר איבערזײערן ←. א, ברויט. א'ע אוגערקעס. „א'ער טשאָלנט פֿון אַלטע פּאַקנטרעגערישע...מעשׂה־ביכלעך", יג, איק, 17 IX 1965. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעזיסט — אַדי, פּאַר איבערזיסן ←. א'ע גלאָז טיי. א'ע קיכעלעך. א'ע שבֿחים, רייד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעזיפּט — אַדי, פּאַר איבערזיפּן ←. א, מעל. אַן א, בוך לידער. „נעם איין טייל וואַפּנע און צוויי אָדער דרײַ טייל גוטן אַס

אי ערגעזעצט

[= אַש], א',„ אַ ביכל .., שקלאָוו 1795.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעזיצן — פּד. דזוו איבערגעזעסן.
איבערגעזעגט — אַדי, פאַר איבערזעגן ←.
א'ע קלעצער. ־ערהייט — אַדוו. אַרײַנלייגן
האָלץ אין אויוון א'.
איבערגעזעגענען זיך — אוטוו. איצ, אימפּ
נבֿ; זיך ~געזעגנט. 1. נאָכאַמאָל זיך
געזעגענען פֿאַרן אַוועקגיין, אַוועקפֿאָרן. 2.
זעגענען זיך מיט אַ צאָל. א, זיך מיט אַלע פֿרײַנד
און באַקאַנטע.
איבערגעזעטיקט — אַדי, פאַר איבערזעטיקן
←. ספּעצ 1. זייער זאַט, איבער דער מאָס.
א'ע גבֿירים. אָנגעזעטיקט און א'. א, פֿון
לעבנס־תּענוגים. „דער גײַסט קאָן ניט וואוינען
אין קיין א'ן גוף“; „מיר טיילן זיך גיכער
מיטן שטיקל ברויט, ווען מיר לײַדן הונגער,
ווי ווען מיר זענען א',„ באַש פֿאַר, 16 ◻ 1962 II.
,
„צוגעפּאַסט פֿאַר דעם עראָטיש־א'ן פּאַריז,„ ◻ מ.
גראָסמאַן, היימיש, אָדר תּשי“ח. 2. פֿול מיט
עפּעס איבער דער מאָט. א, מיט וויסן, מיט
חקירות אע. „ער איז געווען אַזוי א, אַז ער
האָט אַזש געבראָכן מיט קולטור,„ צײַט, ◻ ◻ מז,
19 X 1962. „דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט

זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט מיט א'ער
ייִדישער גײַסטיקייט,,, פֿאָר, 18 1965 IX.
3. וואָס צו דעם איז ניטאָ קיין שום בּאַגער,
פֿאַרלאַנג. א, אין (מיט) כּבֿוד, אין (מיט) יאָרן.
זײַן א, מיט עמעצן = ניט וועלן מער זײַן
אין עמעצנס געזעלשאַפֿט. ,,הער אויף צו דער
ציילן דײַנע מעשׂיות. איך בּין
4. וואָס קען
שוין א, פֿון
זיי און א, מיט דיר,,, רייד.
מער ניט זיך צעלאָזן אָדער אַרײַנטרעטן אין אַ
כעמישער רעאַקציע. א'ע צעלאָזונגען. ,,בּאַקומט
זיך אַן א'ע מישונג, און די זאַלצן קענען זיך
מער ניט צעלאָזן,,, ימ, צוויי רעפּעראַטן, 1954.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,פֿון א, האָט
קיינער פֿון די געסט ניט געקאָנט קוקן אויף
די פֿול־אָנגעשטעלטע טישן,,, אי. דרוק□ר, ק□ □
עזמעך, קיִעוו 1940.
איבּערגעזענגט — אַדי, פּאַר איבּערזענגען
→. ,,איז אַלץ אָבּער צעפֿאַלן אונטער זײַנע
פֿינגער ווי א'ע שטרוי“, אָפּאַ□ אונטערוועלנ□.
איבּערגעזעסן — אַדי, פּאַר איבּערזיצן →.
א, בּרויט. א'ענע אין תּפֿיסות. אַן א, מיידל
= שוין אין די יאָרן, געזאָלט שוין האָבּן

חתונה געהאַט. „זײַן בתולה איז שוין אַ ביסל
א'“, קמ, 28 l868, No. „אַז בײַ איינעם איז
שוין אַ מיידל אַ ביסל א', זאָל ער ניט קוקן
אויף יחוס און ניט אויף אַ וואויללערנער„,
ייִפֿאָל, 47 1882' No.
איבערגעזעען — אַדי. פֿרגל איבערגעזען,
פֿאַר איבערזען ←. וואָס מע האָט
איבערגעקוקט, (אויף גיך) איבערגעלייענט,
איבערקאָנטראָלירט. א'ע טשעמאָדאַנעס. א'ע
אויסשטעלונג. א'ע קאָרעקטור.
איבערגעזעצט — אַדי, פֿאַר אי'בערזעצן ←.
אַן א'ע דערציילונג. מיט אַן אַנדער שריפֿט א,
בוך. א'ע ביימער. א'ע געסט. “דיא [ביכער]
מיר יוא האבן קומן אלי אויש אונזרם לשון

□ א□ בערנעזעצעווידיק

הקודש און, זײַנן אַזו איבל איבערגיזעצט„, יוסף
מאַרשן, שיני אַרטליכי ג□ שיכטין, אַמשט תע„א
[ייִבל 5 ,XIII-6]. „איז א'ע ייִדישקייט אַן
איבערגעקערטער בוים, דהײַנו...אַ בעזעם„, צײַט,
טמז, 29 □ l962 I. „מע טאָר ניט פֿאַרקויפֿן
סחורה אויף באָרג מיט אַן א'ן פֿרײַז“, אמד

איבּז, בּית אַבֿרהם, ווילנע 1865. „אַ
טעאַטערשטיק א, פֿון לשון קודש אין דער יודעשער
שפּראַך“, קמ, 32 1867, No (מודעה). „א'ע און
איבּערפּאָעטיזירטע סטראָפֿן„, א. אַלמי פּאַש,

,

9 1956 III. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעזעצעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
איבּערזעצן פֿון איין לשון אויף אַן אַנדערן.
„איז שלום־עליכם...אין לעצטן סך־הכּל נישט
א', פּונקט ווי ייִדיש אַליין„, צײַט, טמז,
31 1958 I. ־יקייט.
איבּערגעזשאַווערט — אַדי, פּאַר
איבּערזשאַווערן ←. א, אײַזן. אַן א'ע אידיי(ע).
אַן א, פּנים. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

איבּערגעהזרט — [...כאַזערט] אַדי, פּאַר
איבּערחזרן ←. א'ע רייד. אַן א'ע לעקציע. א'ער
וואָרצל, א'ער אינטעגראַל = וואָס טרעפֿט זיך
נאָכאַמאָל אין דער זעלבּיקער פֿאָרעם. ־
ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעהכמהט — [...כאָכמעט] אַדי, פּאַר
איבּערחכמהן (זיך) ←. „אַן
איבּערגעשפּיצטער, אַן א'ער און דער נאַר שרײַט אַרויס
פֿון

אים“, רייד. „אונדזערע...קליינע א'ע סוחרימלעך, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג וואַרפֿט ...אַרויס פֿון שטעט און שטעטלעך“, פּרץ, געדאַנקען און אידייע1. ־קייט.

איבערגעהלומט — [...כאָלעמ□] אַדי, פּאַר איבערחלומען ←. א'ע גליקן. א'ע יאָרן. ־קייט.

איבערגעהלשט — [...כאַלעשט] אַדי, פּאַר איבערחלשן ←. האָבן אַן א, האַרץ = זײַן זייער הונגעריק, שטאַרק באַגערן נאָך עפּעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעהשבונט — [...כעזשבנט] אַדי, פּאַר איבערחשבונען ←. א'ע קאָנטעס, צאָלונגען. א'ע פּאָליטישע מאַנעוורעס. ־ערהייט — אַדוו. טאָן א', מיט אַ קאַלטן קאָפּ. ־קייט.

איבערגעטאָן — אַדי, פּאַר איבערטאָן ←.

אויך: ~געטו(ע)ן, ~געט□(ע)ן. פֿאַר אַן ענדונג: ~געטאָנען. 1. וואָס איז אין אַנדערע קליידער. פֿאַרמאַסקירט, פֿאַרשטעלט. א' ענע אין שבתדיקע מלבושים, גייען זיי אין שול אַרײַן. „אָפּגעוואַשן, א', ניט פֿאַרפּוצט...אָבער איינפֿאַך־ריין...“, י□tראל אָרנשטיין, רעיונות י□ראל, יאַס 1893. „געוויסע געטער באַטייליקן

זיך אַפֿילו א'טוענע אין שלאַכטן„, פֿאָר,
29 XI 1964. אַן א'ענער = געהיים־פּאָליציסט.
2. וואָס מע האָט געטאָן. „א'ענע (~געטיִענע)
מעשׂים קען מען שוין ניט צוריקכאַפּן“, שוו.
־ערהייט — אַדוו. „אָן שהיות פֿאָרט ער
א'טוענערהייט אַרויס קיין אויסלאַנד“, מע I יות
נוראיס [פֿון ראַדזימינער רבין], פּיעטריקאָוו
תּרע“ד. ־ענקייט.
איבערגעטאָקט — אַדי, פּאַר איבערטאָקן ←.

א'ע שטעקעלעך. א'ע פֿראַזעס. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
איבערגעטובֿלט — [...טויוולט] אַדי, פּאַר
איבערטוֹבֿלען ←. א'ע כּלים כּשר לפּסח. אַן
א'ער אין מקווה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעטתקען — אַדי, פּאַר איבערטונקען
←. פּפּ: ~געטונקט. הערינג, א'ע אין
עסיק. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעטײַטשט — אַדי, פּאַר איבערטײַטשן
←. א'ער פּסוק. א'ע חקירה. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
איבעדגע ייִלט — אַדי, פּאַר איבערטיילן ←.
א, פֿעלד. א'ע פּאָרציעס. א'ע שותּפֿות. „אַ
גרויסע שטוב, א, אין דער העלפֿט מיט אַ

...פֿאָרהאַנג,,, פּרץ, 'משיחס צײַטן'. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבּערגעטלייעט — אַדי. דזוו דווו.
איבּערגעבּרענט. איבּערגעפֿוילט. דרייזין.
איבּערגעטל עט — אַדי, פּאַר איבּערטליִען
←. א'ע קוילן, האָלעוועשקעס. א'ע האָפֿענונג.
איבּעתעטלעך — אַדי. וואָס איז נאָך
מעו, נאָך העכער, דערהויבּענער ווי געטלעך.
א'ער וואונדער. א'ע גוטסקייט. ־קייט —
,,ניט נאָר געטלעכקייט, נאָר א',,, הל, 1956.
איבּערגעטראָגן — אַדי, פּאַר איבּערטראָגן
←. א'ענע משׂאָות. א'ענע מלבּושים. א'ענע
צרות. א'ענע קראַנקייט. ,,אין א'ענעם זין, ווען
איינער האָט דעם אַנדערן אומגליקלעך געמאַכט
...אד,,גל...זאָגט מען: ער האָט אים געשאָכטן'',
יע, וואונדער־אוצר.... ־ערהייט — אַדוו.
איבּערגעטראָטן — אַדי, פּאַר איבּערטרעטן
←. א'ענע שוועלן. א'ענע ווײַנטרויבּן. א'ענע
געזעצן.
איבּערגעטראַכט — אַדי, פּאַר איבּערטראַכטן
←. א'ע מיינונגען. א'ער בּאַשלוס. ־ערהייט
— אַדון. ־קייט.
איבּערגעטרויען — טרוו. איצ. אימפּ נבּ;
~געטרויט. 1. דזוו געטרויען. ,,מע קען אים

ניט א, פֿונדאַנעץ ביז אַהין,,, רייד. 2.
געטרויען צו פֿיל, מער ווי מע האָט געקענט,
באַדאַרפֿט. א עמעצן ווי אַ טאַטן און נאָכדעם
זיך קראַצן. 3. געטרויען אַ צאָל, אין
פֿאַרשיידענע פֿאַלן. א אַלע אָנגעשטעלטע, די קונים

,

אע.
איבערגעטרויערט — אַדי, פּאַר
איבערטרויערן ←. א'ע יאָרן. א'ע אומגליקן. ־ערהייט
— אַדוו. זיצן א, ווי תּשעה־באָב ביַי די
קינות. —קייט.
איבערגעטרוכלעט — אַדי. < ט(ר)וכלע.
איבערגעפֿוילט, צעגעסן, צעפֿאַלן. ,,אַ פּיראַמידע
פֿון ערד, ביינער און שמאַטעס פֿון א'ע
קליידער,,, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע, אַדעס 1931.
איבערגעטרתקען — אַדי, פּאַר
איבערטרינקען ←. א'ע הוליאַקעס. א'ע פֿעלדער. אַן
א'ער פֿון תּאוות. ,,דו [פֿעדער] זאָלסט
געבענטשט זיַין, זאָלסט ניט זיַין א', זאָלסט ניט
פֿלייצן פֿון זיך און זאָלסט ניט שפּריצן“,

איבערגעיובלט

ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעטריבן — אַדי, פּאַר איבערטרײַבן
←. 1. וואָס מע האָט (ווידער) געטריבן פֿון
איין אָרט אויף אַן אַנדערן. די א'ענע
טשערעדע בהמות. א'ענע עטאַפּניקעס. „אַ געליימטער,
אַ צעקײַלטער, אַ צעבײַלטער...ווי אַן א'ענער
פֿערד„, אמד, מאָטקע און הערשקע.
2. וואָס איז איבער דער מאָס, וואָס מע
האָט מגזם געווען. גוזמאדיק, אומפּינקטלעך.
וואָס איז צו פֿיל, צו שטרענג, צו שטאַרק.
א'ענע רייד, שבֿחים, מעלות. א'ענע
באַשיידנקייט, צניעות, שעמעוודיקייט, איידלקייט,
העפֿלעכקייט. א'ענער מקח, פּרײַז. א'ענע פֿאַרדינסטן.
„ס'איז גיכער ניט־דערטריבן ווי א'", פֿוול
[= ניטאָ אין דעם קיין גוזמא, אַדרבה —
גיכער אַ פֿאַרמינערונג]. „האָבן...די
היסטאָרישע אומשטענדן אַרײַנגעפֿלאַנצט אַזאַ א'ענע
רעליגיעזע נייגונג„, זשיט X, נ"י 1919. „האָט
זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן א'ענער פֿאָרשטעלונג
וועגן די דוכאָבאָרן„, גרינ, בלעטלעך פֿון אַ
טאָגבוך. [איבערטרײ'בן — דטשמ. נר.]
3. וואָס בײַם פּראָדוצירן דיסטילירט מען

איבער, לאָזט מען דורך אַן אַפּאַראַט.
א'ענער סאַמאָהאָן. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט — „שטעקט דערין ניט נאָר אַן א',
נאָר מסתּמא אויך אומפּאַסיקייט“, מוו, ייִפֿאַ,
.2 ,1939

איבערגעטרייבערט — אַדי, פּאַר
איבערטרייבערן ←. א'ער זאָדיק. אַן א'ער בײַם
פֿאַרהער. אויך: איבערגעמישט, פֿאַרפּראַוועט.
„נירעלעך א, מיט פֿערפֿעלעך“, שע, לכּבֿוד
יומטובֿ I. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

איבערגעטרייסט — אַדי, פּאַר איבערטרייסטן
←. א'ע אַבֿלים. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

איבערגעטרייסלט — אַדי, פּאַר
איבערטרייסלען ←. אַן א, פֿלעשל מעדיצין. א'ע
פּאַרשוינען אין בויד. א'ע זאַכן אין די
טשעמאָדאַנעס. א'ע ו ו אַ ר נ י ט ש ק ע ס —
פֿאַרפּראַוועט, אָנגעפֿילט. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

.

איבערגעטריפּעשעט — אַדי. >
טריפּעשען, אוקר. אויסגעדריבלט; צעקראָכן, צעפֿאַלן
פֿון אַלטקייט. „ווען כ'האָב אויסגעוויקלט די
מזוזה, איז זי זיך צעפֿאַלן אין די הענט. אַזוי

א, איז זי געווען,,, רייד.
איבערגעטריקנט — אדי, פאַר
איבערטריקענען ←. א, האָלץ, א, ברויט. אַן א'ע לעקציע.
"מע דאַרף ניט נעמען גאַנץ אַלטע אָדער א'ע זאָמען,,, דאָס פּלאַנצענלעבען, וואַרשע 1899.
א'ע ליפּן. א'ער גאָרגל. ,,די צונג אין זײַן א, מויל הייבט אָן אונטערקנאַקן", בערג, בײַם דניעפּער I. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט —
"עס שפּאַלט זיך אַ צווײַג פֿון א',,, סאָוו, היימלאַנד, 1965, No).
איבערגעיאָגט — אַדי, פאַר איבעריאָגן ←.
א'ע לויפֿערס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — "שווער צו אַרבעטן מיט א'", רייד.
איבערגעיובֿלט — [...יויוולט] אַדי, פאַר
איבעריובֿלען ←. א'ע דאַטע. א'ער שרײַבער. ־קייט.

איבערגעיוירט

איבערגעיוירט — אַדי, פאַר איבעריוירן ←.
פּפּ: ~געיוירן. אויך: ~געאירט, לד. א'ער ווײַן. א, טייג. ,,די מאַמע — בײַ דער מולטער, דער א'ער פֿון הייוון", הל, 'טאַטע־לעגענדע'.

אַן א'ע מויד = אַ פֿעטלײַביקע. אַן
איבערגעיוירענער — (פֿרומע וועגן וועלטלעכע)
ווער עס איז נתחמץ געוואָרן, אַן
אויפֿגעקלערטער, אַן אַפּיקורס. „אין יעדער יונגער...
טעאָריע איז דאָ פֿיל אמת, אָבער אויך ניט ווייניק
איבערגעטריבענע, רויע, נאָך ניט
איבערגעאירטע סבֿרות", זשיט I, נ"י 1917. ~
געיוירנקייט.

איבערגעי דישט — אַדי, פּאַר איבערײַדישן
←. אַן א'ער מנהג. *ניט קיין א'ער =
אָנצוהערעניש: אַ גרויסער נאַר.
איבערגעיעג — דער, ־ן. פֿאַרמעסט איו
לויפֿן. „ווער וועט געווינען בײַם צווייטן א,?„,
דייד.
איבערגעבשרט — [...קאַשערט] אַדי, פּאַר
איבערכשרן ←. א'ע כלים. א, פֿלייש. איר
— א'ע טומאה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט
— „די א, פֿון די נײַע בעלי־תּשובֿה„, רייד.
איבערגעכאַפּט — אַדי, פּאַר איבערכאַפּן ←.
א'ע פֿיש. אַן א'ער בריוו. א'ע ידיעה. אַן א,
עסן. אַן א, דאַוונען. א'ע פּעטש. „די א'ע
העפֿלעכקייט פֿונעם דאָקטער„, א. ז., אַ ודוי
פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. „אונדז
אָפּהיטן פֿון א'ע, אויף קיין זאַך ניט באַגרינדעטע

האָפֿענונגען,,, זשיט י, נ"י 1912. ,,און מיר
ווי קינדישע, פֿאַרליבּטע ריטער, ווי דאָן־קיכאָט
מיט א'ער מאָס..." , הל, 'ייִדישע פּאָעטן'. ,,אַ
לאַנגע פֿאַרסמאָדערטע קאַפּאָטע..., א, מיט אַ
דין גאַרטעלע", זש, נח פּאַנדרע. *אַן א'ע
פֿ ו ר — אַזאַ וואָס מע דינגט ניט אין פּאָרויס,
וואָס מע קריגט צופֿעליק מיטצופֿאָרן. ,,
אַרויסגיין אויפֿן מאַרק נאָכפֿרעגן זיך אויף אַן א'ער
פֿור", שע, לכּבֿוד יום־טובֿ I. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
איבּערגעלאָגלט — אַדי, פּאַר איבּערלאָגלען
←. א'ער ווײַן. ,,דער א'ער וויי און צער,
צוזאַמען מיטן גלויבּן אַז מע וועט פֿאָרט
דערלעבּן אַ נקמה אין שׂונא", יג, טמז, 24 1964 I.
איבּערגעלאָדן — אַדי, אַר איבּערלאָדן ←.
אַן א'ענער וואַגאָן. אַ פֿור, אַן א'ענע מיט
משׂא. א, מיט חכמה. א, מיט אומרו. א, מיט
לײַדנשאַפֿט, מיט סעקס. אַן א'ענע בּיקס. ,,...
האָבּן געלערנט פֿלײַסיק און אַוועקגעפֿאָרן פֿון
בּערן אָנגעלאָדן און אַפֿילו א, מיט וויסן,,, מוק,
מײַנע בּאגעגענישן. אַן א, ה אַ ר ץ = פֿול
.
מיט שווערע איבּערלעבּונגען, מיט צער. ,,אַן

א, האַרץ מוז זיך אויסלאָדן,,, שוו. אַן א'ענער

— פֿול מיט אַלקאָהאָל, גאַנץ שיכּור. ,,דער

— —

א'ענער (שיכּור) יוּוועליר־הענדלער...שאָקלט
מיטן קאָפּ“, בּ. זילבּערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן,
קעשענעוו 1885. *אויסשיסן ווי אַן א'ענער =
אַרויספּלאַצן מיט טענות, געשרייען. ־ערהייט
— אַדוו. ,,דער וואָגן רירט זיך ניט פֿון אָרט
א',,, רייד. ־קייט — ,,זײַן אומגליק איז
א, מיט וויסן ווי אַ בּער מיט כּוח“, בּערג,
בּײַם דניעפּער II. “ניט געקוקט אויף א, מיט
אַרבּעט, געפֿינט מען צײַט,,, ימ, קוד, 1938.

9()3

איבּערגעלאָדנט — דזוו דפֿוו. ,,א, מיט צו
פֿיל עפֿעקטן,,, בּ. שעפֿנער, פֿאָר, 27 1965 III.
איבּערגעלאַר(ני)עוועט — אַדי. >
לאַתיעווען. איבּערגעלייגט, איבּערגעשסעלט אין אַ
גוטער אָרדענונג. ל2.
איבּערגעלאָזט, ~געלאָזן — אַדי, פּאַר
איבּערלאָזן ←. א'ע שיריים. א'ע גיטער, נכסים.
א'ער פּאָסטן. א, טרינקגעלט. ־ערהייט —

אַדוו. ־קייט.
איבּער — לד. מייִ. דזוו איבּערגעלויף.
אויך: ⸮, וורר, אוקר. אַן א, צום שׂונא.
„אַן א', ווײַל מע האָט געזאָגט אַז עס בּרענט“,
רייד. „מיט דעם כּסדרדיקן א, פֿון...שטימונגען„,
בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן....
איבּערגעלאָפֿן — אַדי, פּאַר איבּערלויפֿן ←.
א'ענע מילך, יויך. א'ענע צום שׂונא. א'ענע
צײַט פֿילט אָן דאָס האַרץ מיט אַ מאָדנע
. „
בּענקעניש נאָך דעם א'ענעם זומער“, שע, 'דער
אתרוג'. „ער ציט יניקה...פֿון זײַן שרעקלעך
אַנטוויקלטן אַפּעטיט...פֿון זײַן א'ענער
זעלבּסטליבּע„, א. שטיינמאַן, היימיש, אַפּריל־מײַ 1961.
„זײַנע אויגן, א'ענע מיט שלאָף, בּלאָנדזשען
אַרום איבּערן בּית־מדרש„, חג, צמח אַטלאַס.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעלאָשן — אַדי, פּאַר איבּערלעשן ←.
א'ענער קאַלך. א'ענע שׂריפֿה. א'ענע פֿאַרבּן.
א'ענע תּאווה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעלויבּט — אַדי, פּאַר איבּערלויבּן ←.
א'ער תּלמיד. א'ע שרײַבּערס, אַקטיאָרן,
מלוכהלײַט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

~ , ~געליי□ :[. אָנגעלויף,
צונויפֿאיבּ ויף — דער, ־ן. פּפֿ: ~געלאַ□ [,

(גע)לויף, מהומה, בהלה, פּאַניק. „אַזאַ א', אַזאַ ענגשאַפֿט אַז עס איז שיִער אין נפֿשות געגאַנגען„, ארז, קמ, 1868 49 ,No. „מע האָט מיך אין שול אַרײַן געפֿירט — וואָס פֿאַר אַן א'לייף איז דאָס געווען!“, עט, סערקעלע. „אין אַלע גאַסן און אַלע הייף עס איז געווען אַן א'לייף“, א. בּ. רוף, דער שיכּור..., וואַרשע 1871. “אַ קינד...איז אַרײַנגעפֿאַלן [אין אַ בּרונעם], עס איז געוואָרן אַן א'. נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט...דאָס קינד ראַטעווען“, קמ, 1862, No 1.

איבּערגעליגן — אַדי, פּאַר איבּערלײַען ←. פּד. איבּערגעליִען.

איבּערגעליטן — אַדי, פּאַר איבּערלײַדן ←. א'ענע צרות. א'ענע יאָרן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבּערגעלייגט — אַדי, פּאַר איבּערלייגן ←. א'ע זאַכן. אַן א, טיכל. אַן א'ער קאָמפּרעס. אַן א'ער מענטש = אַ בּאַטראַכטער, מיושבֿדיקער. א'ע נ ע ט = בּלויז פֿאַרצייכנט מיט גרויסע שטעך. „דער טעם וואָס מע גייט דעם

טלית א, אויף די אַקסלען...כּדי עס זאָל
אויסקומען צוויי ציצית פֿון פֿאָרנט און צוויי פֿון
אונטן‘‘, ספֿר מטעמים, לאָדז. ‘‘די מצות זײַנען
שוין א, אין דרײַ פֿאַכן, אין אַ קלאָר
האַנטעכל,,, דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.
,,זי לאָזט אים רעדן און אַליין גייט זי אַרום

□ איבע□יגעמאַכט

. □

מיט א'ע הענט אויפֿן האַרצן‘‘, שע, אין
שטורעם. ,,די לאַנגע בּרעמען ווערן אונטער דער
א'ער הויט פֿון שטערן כּמעט פֿאַרלוירן‘‘, I□רץ,
,אַ כּעס פֿון אַ ייִדענע,. ,,האָט זי דאָרט געוויגט
די קינדער אין אַ פּלאַכטע, אָנגעהאַנגען אָן אַן
א'ן דראָנג‘‘, ווײַס I, 'אַ פּאָמניק'. ,,דער
ווייכער א'ער קאָלנער פֿונעם העמד אָפֿן‘‘, ש.
לעווין פֿאַש, 1 1958 XI. ־ערהייט — אַדוו.

,

־קייט.
איבערגעלײַטערט — אַדי, פּאַר
איבערלײַטערן ←. א'ער ווײַן. מיט אַן א, געמיט.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,אויף איר

פנים האָט זיך שוין אָנגעזען אַן א,,,, ווײַס,
'אַ טאַטע מיט בנים'.
איבערגעלייענט — אַדי, פּאַר איבערלייענען
←. א'ע ביכער. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעליכטיקט — אַדי. < ליכטיק.
נעאָל. מאַטעס דײַטש.
איבערגעל□ען — אַדי, פּאַר איבערלײַען ←.
א'ע ספּר□ם. א'ע געדאַנקען.
איבערגעליצעוועט — אַדי, וורר. דזוו אי
בערגעניצעוועט. איבערגענייט אויף דער אַנ.
דערער זײַט. אַן א'ע מאַרינאַרקע.
איבערגעלעבט — אַדי, פּאַר איבערלעבן ←.
א'ע יאָרן. א'ע געשעעניש. א'ע צרות. די א'ע
נאָכן גרויסן חורבן. ,,אַן א'ע זאַך, אַ שטיק
פֿון דעם גײַסטיקן עבֿר,,, זשיט □יI, נ,,י 1912.
,,טעאַטראַלע אויפֿשפּראָצונגען נאָך דעם גרויסן
א'ן חורבן,,, יובֿל־זב לכּבֿוד דר, א. מוקדוני.
,,אַז ער פֿאַרעקשנס זיך און לעבט פֿאָרט, הייסט
ער שוין אַן עולם־התוהוניק, אַן א'ער,,, ייִל,
פֿונעם יאַריד, אַדעס 1909 ־קייט — ,,
וואָר.
צלדיקע א'ן“, לל, איק, 2 1962 II.
איבערגעלעגן — אַדי, פּאַר איבערליגן ←.

א'ענע סחורה. א'ענע עפּל. „די תּכריכים וועלן ווערן א,...איר פֿאַרשפּעטעט אײַך צו שטאַרבן,,,, אמד, וויטצען אונד שפּיטצען, ווילנע 1873.

„אויפֿן זיידן...[פֿלעגט ע] אָנשרײַען מיט א'ענע לומדות“, ייִט, טאָג, 31 XII 1960.

איבערגעלעזן — אַדי, פּאַר איבערלעזן ←.

פֿטמ, כּמו־אינטעליגענטיש. נר. אָנגעלייענט.

„ער איז בײַ אונדז אַן א'ענער, ער האָט אַ גאַנצע פּאָליצע מיט ביכער,,, רייד.

איבערגעלערנט — אַדי, פּאַר איבערלערנען

←. די א ע גמרא. ־ערהייט — אַדוו.

ניט קענען אַפֿילו א, ־קייט — „א, איז

.

ניט געזונט“, רייד.

איבערגעמאָגערט — אַדי, פּאַר איבערמאָגערן

(זיך) ←. אַן א, פּנימל. א'ע פֿון הונגער און שווערער אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעמאַטערט — אַדי, פּאָר

איבערמאַטערן ←. א'ע פֿון דחקות און שווערער פּראַצע.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט — “פֿון א, קען איך ניט אײַנדרימלען“, חג, דער מאַמעס

שב ניס.

איבערגעמאַכט — אדי, פּאַר איבערמאַכן ←.

אַן א, שטיקל אַרבעט. „די מוטער באַנוגנט

זיך מיט א'ע בגדים„„ די ▯ כירות, לעמבערג

1896. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

איבערגעמאָלדן

איבערגעמאָלדן — אַדי, פּאַר איבערמעלדן
←. א'ענער פּאַס. אַן א'ענער אין אַ נײַער
זירה.

איבערגעמאָלט, ~געמאָלן — אַדי, פּאַר
איבערמאָלן ←. 1. וואָס איז באַאַרבעט
געוואָרן אין אַ מיל. א'ע תּבֿואות. 2. וואָס איז
אויפֿסנײַ, ווידער, אַנדערש געצייכנט, געפֿאָרבן.
א'ע ווענט. א'ע בילדער. „אויסגעצופּטע און
א'ע ברעמען“, באַש, פֿאָר, 1963 ▯ 8. ־ערהייט
— אַדוו. ־מאָלנקייט.

איבערגעמאָלקן — אַדי, פּאַר איבערמעלקן
←. א'ענע קי.

איבערגעמאָסטן — אַדי, פּאַר איבערמעסטן
←. א, פֿעלד. א'ענע קליידער. א'ענע גרייסן.
—ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעמוטשעט — אַדי, פּאַר
איבערמוטשען (זיך) ←. א'ע יאָרן. א, פֿון דער
אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעמויערט — אַדי, פּאַר איבערמויערן

→. א'ע וואַנט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעמײַסטערט — אַדי, פּאַר
איבּערמײַסטערן →. א'ע שטיקלעך אַרבּעט. ־
ערהייט — אַדוו. אַרויסוואַרפֿן א'.
איבּערגעמישט — אַדי, פּאַר איבּערמישן →.
אַן א, בּלאַט פֿון אַ בּוך. מיט אַן א'ן קאָפּ.
„שערבּלעך, קאַלך, אַש, א, מיט דער
טינקעוואַניע פֿון די ווענט“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
„דאָס מיסט איז בּהמהשע צואה, מיט שטרוי
א'„, ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צוס טיש, קיִעוו 1928.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעמלאָכהט — [...מעלאָכעט] אַדי.
א'ע מעבּל. א'ע חתימה. ־ערהייט — אָדוו.
 קייט.
איבּערגעמעקט — אַדי, פּאַר איבּערמעקן →.
א'ער כּתבֿ־יד. א'ע אותיות. ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
איבּערגענאַכטיקט — אַדי, פּאַר
איבּערנאַכטיקן →. „איך קוק אינעם בּלויז פֿון מײַן
לעצטן פֿאַרטאָג מיט א'ע אָפֿענע אויגן„, הל,
אַ תּפֿילה'.

,
איבּערגענאַרט — אַדי, פּאַר איבּערנאַרן →.
א'ע קונים. א'ע טויבּן. די א'ע אויף אונדזער

זײַט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגענו'ג — אַדוו. בלי־ספק גענוג. מער
וויפֿל מע באַדאַרף, וויפֿל מע וויל אע. „עס
איז מיר שוין א', דערגאַנגען ביז אַהער" [מיט
אַן אָנווײַז אויפֿן האַלדז אָדער מוי]. „
דערווײַל וועלן זײַן גוט מײַנע קליידלעך און וועש.
איך האָב עס א',,, ספּ, סודות. „עס קען שוין
הײַנט זײַן אַלצדינג א, פֿאַר אַלע מענטשן",
ב פֿײַגענבוים, די גאולה, נ"י 1893. „קיין
.
נחת און...גליקן קען דאָס יידישע לעבן גיט
געבן, האַרצווייטיק, מכּות און יסורים א',,,
ממוס, קליאַטשע. "געטרונקען, געזשומעט שוין
א', באַגלייט זשע מיך, חבֿר, צום קיִעווער
צוג", ש. דריז, סאָוו, היימלאַנד, 4 1964, No.
איבערגענוגיק — אַדי. ← דפֿוו. וואָס איז
מער פֿונעם געברויך פֿאַרלאַנג. א'ע פֿאַרדינסטן.
,
־יקייט.

▯

איבערגענוגשאַסט — דאָס (די), ־ן.
אײגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן (האָבן)
איבערגענוג. „צו דיר, אָנגעזויפֿענע א, אויף אַלע
געביטן“, יג, טמז, 7 IX 1958.
איבערגענוי, — אַדי. זייער פּינקטלעך,
שטאַרק פּרעציז. א'ע אינפֿאָרמאַציעס ־קייט.
.
איבערגענומען — אַדי, פּאַר איבערנעמען
(זיך) ←. א'ע מתּנות, פּעקלעך. א'ער מקח.
א'ע פֿירונגען. קרובֿים, א'ע פֿון דער אַלטער
היים. אַ קליידל מיט א'ע פֿאַלדן =
דורכגעצויגן מיט אַ סטענגע, גומי אע. „איך צי דורו
אַ מחיצה צווישן הייליק און ניט־הייליק,
צווישן ייִדישע דינים אייגענע און א'ע בײַ אַנדערע
פֿעלקער„, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. אַן א'ער
= אויך: אַ שטאָלצער וואָס נעמט זיך מיט
עפּעס איבער.
א, ז ײַ ן (ו ו ע ר ן) — 1. זײַן (ווערן)
שטאַרק באַווירקט, דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרק
געפֿיל. „ער איז געווען שטאַרק א', געשאָקלט

מיטן קאָפּ און געפּרעפּלט, ווי ער וואָלט
געזאָגט אַ תּפֿילה„, חג, צמח אַטלאַס. „אַלע
הערצער זײַנען געווען א, מיט רחמנות„, באַש,
פֿאַר, 1962 III □ו 25. „ער איז געווען צעקאָכט
און א, ביז גאָר„, ברוך האַגער, 'די
סטרעליסקער חסידים'. 2. ווערן שטײַף (פֿון פֿיזישער
אַרבעט). „מײַן מוסקל פֿון דער האַנט איז
געוואָרן א, פֿון צו פֿיל שלעפּן די ביכער“,
דייד.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „פֿון גרויס
א, צוליב דעם ייִנגלס חריפֿות, האָט ער אים
אַ קניפּ געטאָן אין בעקל„, ה. בערגנער, איק,
פּסח תּשכ״ג.
איבערגעניטשעוועט — אַדי. ←
איבערגעניצעוועט. „ווערלטן ווערן א, ביזן נאָגל“,
חיים־יצחק בונין, חב„דיש, לאָדזש 1938.
איבערגעניי — דער, ־ען. 1. אַרבעט און
רעזולטאַט פֿון איבערנייען (אַ צאָל). דער א,
פֿון בעטצײַג. א, פֿון אַלע מלבושים וואָס
זײַנען ניט מער אין דער מאָדע. 2.
אַרויפֿגענייטע באַפּוצונג.
איבערגענייט — אַדי, פּאַר איבערנייען ←.
א'ע מלבושים. „אײַנגעוויקלט אין אַ
קאַפּאָטקעלע, א, אויף דער לינקער זײַט“, ממוס, ווינטשפֿ.

„אָבער דערין איז ניט ער נעבעך שולדיק,
נאָר די א'ע קאַפּאָטקעלע זײַנע„, אַר, 'די נײַע
לאַטע'. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעניסן — אוטוו & טרוו. געניס
איבער, ~געגאָסן. געניסן נאָכאַמאָל, אַנדערש,
אַ סך פֿון פֿאַרשיידנס, אַ לענגערע צײַט. א,

(פֿון) אַלע פֿאַרגעניגנס. א, גוטס אַ לעבן־לאַנג.
איבערגעניצט — אַדי, פאַר איבערניצן ←.
א'ע קליידער, מכשירים. א'ע מעטאַפֿאָרן. ־
ערהייט — אַדוו.
איבערגעניצעוועט — אַדי, פאַר
איבערניצעווען ←. א'ע מלבושים. א'ע פֿרײַנדשאַפֿט.
א'ע פּיעסע. „די גײַסטיקע קליידער פֿון די...
לעזער זײַנען א'ע און דערצו נאָך פֿול מיט
לעכער„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.
„זײַן ריכטיקער נאָמען איז גאָר אָשר־פֿישל,
א, פֿון זײַן עלטערמומע אסתּר־פֿעסיע ע"ה",

איבערגעפּאַטשט

דער לאַנד חכם, נ"י 4 1894, No. "חלילה, מײַן
הער, איך האַלט ניט פֿון פֿילאָסאָפֿן און אַוודאי
ניט פֿון א'ע ווערטער„, הל. „די סיימיסטן ז״ר.

נען א'ע ס.־ס.“, פֿרײַנד, 1907. ־ערהייט
— אַדון.
איבּערגענעצן — אוטוו. גענעץ איבּער, ~
געגענעצט. גענעצן אַ סך, כּסדר. ,,וואָס דער
עולם האָט איבּערגעגענעצט בּעת דער לעקציע,,,
רייד.
איבּערגעסדרט — [...סאַדערט,...סיידערט]
אַדי, פּאַר איבּערסדרן ←. א'ע סחורות. א'ע
קאַרטאָטעק. ־קייט.
איבּערגעסולפֿערט — אַדי, פּאַר '
איבּערסולפֿערן'. בּאַדעקט פֿאַרצויגן מיט סולפֿער,
שווע,
בּל. פֿרגל איבּערזילפֿערט.
איבּערגעסטינעט — אַדי. סל.: <
.c,]] ai ו]I. איבּערצײַטיק. א'ע פּירות.
איבּערגעסמאַליעט — אַדי, פּאַר איבּער
סמאַליען ←. אַן א'ע הון ־ערהייט —
.
אַדוו.
איבּערגעסמאָרגעט — אַדי. > סמאָרגען,
סמאָרקען. וורר פֿאַרפֿלעקט, אָפּגעטראָגן.
אָנ.

טאָן אַן א'ע קאַפּאָטע.

איבערגעסמט — [...סאַמט] אַדי, פּאַר איבערסמען ←. א'ע מײַז. ־קייט — א, מיט שׂנאה צו ייִדן.

איבערגעסמיל(י)עוועט — אַדי. אוקר.

Bo□]□.cMi: □ □ <. וואָס האָט אין זיך אַ סך מוט (דרייסטקייט, חוצפּה). א'ע רייד קעגן דעם בעל־דעה. „ס'איז אָבער גאָרניט אַרויסגעקומען חוץ עטלעכע א'ע קרעכצן“, א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.

איבערגעעיפּושט — □..איפּעשט] אַדי, פּאַר איבערעיפּושן ←. א'ע שמאַטעס. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

איבערגעעלטערט — אַדי. וואָס איז צו אַלט. וואָס איז שוין אַלט אַ לענגערע צײַט. א'ע שטאָפֿן. א'ע טוערס. א'ער וויכּוח. „האָט ניט געוואָלט זען די קנייטשן און א'ע גרינע אָדערן אויפֿן פּנים פֿון אָט דער דאַמע“, מ. שטריגלער. ־קייט.

איבערגעענדערט — אַדי, פּאַר איבערענדערן ←. א, פּנים. א'ע לעבנס־באַדינגונגען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעענטפֿערט — אַדי, פּאַר

איבערענטפֿערן ←.. א'ע בריוו, בקשות א'ע דעם רשע אין

.

די הענט. באר משה פֿאַרטײַטשט 'נתונים נתונים
המה לו, (במדבר, ג, 9): „א, זײַנען זיי
געגעבן צו אים“. „מײַנע קינדער [זענען] הײַנט
א, אין די הענט פֿון זייערע פֿײַנט“, קמצא בר
קמצא [לעמבערג]. „אָרעמע שעפֿעלעך, א'ע אין
די הענט פֿון אַן אומברחמנותדיקן שוחט„,
זשיט I, נ„י 1912. “מיר זענען דעם אַשמדאי
א'“, סוצ, געהיימשטאָט. ־קייט.
איבערגעסאַטשט — אַדי, פּאַר
איבערפּאַטשן ←. א'ע צורה. א'ער קונדעס. א'ע פּילקע
איבער דער נעץ. א'ער אַקטיאָר = איר וועגן
אַפּלאָדיסמענטן. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעפּאַליעט
איבערגעפּאַליעט — אַדי, פּאַר
איבערפּאַליען ←. אַן א'ער אויוון. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעסאַסט — אַדי, פּאַר איבערפּאַסן ←.
אַן א'ער אָנצוג. א'ער קאָן (ביי קאָרטנשפּיל).
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעפּאַקט — אַדי, פּאַר איבערפּאַקן ←.
א'ע סחורה. א'ער טשעמאָדאַן. א'ער מאָגן.

א'ע דירות. אַ שול אַן א'ע מיט מתפללים. „דער זאַל איז געווען כּסדר א, און כּסדר האָט געהערשט עפּעס אַ שפּאַנונג“, מוק, י. ל. פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטער. „די קאָנקורענץ פֿון די אַרבעטער צווישן זיך און די א'ע שער־
אונדאָדל־אינדוסטריען“, זשיט I, נ"י 1912. „
געבראַכט...אין די א'ע פֿאַרזיגלטע
פֿראַכטוואַגאָנען“, ז. יעפֿרויקין, פֿאָר, 1964 IX 21.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — די א, פֿון
די תּפֿיסות.
איבערגעסאָרט — אַדי, פּאַר איבערפּאָרן →.
קינדער, א, צו צוויי אין אַ ריי. „אַ חתן אַן
א'ער מיט עטלעכע כּלות“, רייד. ־ערהייט
— אַדוו.
איבערגעפּאַרעט — אַדי, פּאָר איבערפּאַרען
←. א'ע באָד. א'ע פֿערד. פֿאַרפֿוילטע, א'ע
עפּל. ליגן אַן א'ער אויף דער אייבערשטער
פּאָל(קע) אין שוויצבאָד ־ערהייט — אַדוו.
.
איבערגעפּודערט — אַדי, פּאַר
איבערפּודערן ←. אַן א, פּנימל. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעפּוצט — אַדי, פּאַר איבערפּוצן ←.
א'ע שטיוול. א'ע רייד. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.
איבערגעפּטרט — [...פּאַטערט] אַדי, פּאַר
איבערפּטרן ←. א'ער פּסח. א'ע צרות. א'ער
עקזאַמען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעפּײניקט — אַדי, פּאַר איבערפּײניקן
←. א'ע אין די קעלערן פֿון אינקוויזיציע. „איך
בעט רחמים פֿאַר דער שטאַרבנדיקער זעל פֿון
אײער נאַכטיקער, א'ער גיטאַרע„, הל, '
אַלטמאָדיש'. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

(זיך) ←. א'ע מלחמה־יאָרן ־ערהייט —
איבערגעפּלאָגט — אַדי, פּאַר איבערפּלאָגן

.
אַדוו. ־קייט.
איבערגעפּלאָנטערט — אַדי, פּאַר
איבערפּלאָנטערן ←. א'ע פֿעדעם. א'ע חשבונות.
א'ע באַציאונגען. „...באַשטייט פֿון
איבערגעפֿלאָכטענע, א'ע שטאַמען און צווײַגן„, ד.
האָכבערג איבז, אָטאָ שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע
1920. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעפּלאַצט — אַדי, פּאַר איבערפּלאַצן
←. א'ע גלעזער. דאָס א'ע געדולד. אַן א,

האַרץ ־ערהייט — אַדוו — קללה: זאָלסט
.
שרײַען א,. ־קייט.
איבעדגעפּסלט — [...פּאַסלט] אַדי, פּאָר
איבערפּסלען ←. א'ע שחיטה. א'ע אורטיילן פֿון
געריכט. ־קייט.
איבערגעפּעקלט — אַדי, פּאַר איבערפּעקלען
←. 1. דזוו איבערגעפּיקלט, ←
איבערפּיקלען. א, פֿלייש. 2. אַריבערגעפּעקלט. א'ע

קאָנ5()9

טראַבאַנדע. "א'ע טרייפֿענע סחורה", ממוס.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעפּראַוועט — אַדי, פּאַר
איבערפּראַווען ←. א'ע אַרבעטן. א'ע סעודות. א'ע
איבער דער גרענעץ. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעסראָסט — אַדי, פּאַר איבערפּראָפֿן
←. א'ער זאַק. א ער זאַל. אַן א'ער מיט
תּורה. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעפּרוווט — אַדי, פּאַר איבערפּרוּוון
←. א'ע שמעלצונג. א'ער פֿרײַנד. ־קייט
— א, פֿון כאַראַקטער.
איבערגעפּרעגלט — אדי, פּאַר

איבערפרעגלען ←. א'ע פּיש. א'ע קאָטלעטן. ־ערהייט
— אַדוו ־קייט.

איבערגעפרעסט — אַדי, פּאָר איבערפרעסן
←. א, העמד. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעפשטלט — [...פשעטל] אַדי, פּאַר
איבערפשטלען ←. אַן א'ער מדרש. ־ערהייט
— אַדוו.
איבערגעפאַלן — אַדי, פּאַר איבערפאַלן ←.
אַן א'ענע פּאָזיציע. די פּלוצעם א'ענע זעלנערס.
סוב — דער א'ענער, א'ענע. 1. שוואַכער,
קרענקלעכער, פאַרמאָרעטער. „אַזוי ווי קיין
א'ענער איז ער קיינמאָל ניט געווען, האָט מעו
אים געהאַט צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט“, ש.
וויגאָדאַ פאָר, 2 .27 1959 XI. ווער עס איז
גרייט אָפּצוטרעטן, צו ווײַכן פון אַ געשלעג.
ניט קיין העלד, אָבער אויך ניט קיין א'ענער.
־קייט.

איבערגעפאַרבט, ~געסאָרבן — אַדי,
פּאָר איבערפאַרבן ←. א'ע ווענט. א'ע האָר.

א'ער בּאַריכט. „דער ראָטהויז איז א'פֿאָרבּן אויף וויַיס“, ווימפּע I, קאָוונע 1921. ־ערהייט — אַדוו. ▯ קייט.

▯

איבּערגעסאָרן — אַדי, פֿאַר איבּערפֿאָרן ←.
א'ענער וועג. א'ענע סטאַנציע. אויך:
אומסטאַבּיל, צייַטווייַליק, פֿאַרגייעוודיק. „ווי אַזוי האָבּ
איך פּוגם געווען מייַן נשמה און האָבּ
פֿאַרבּיטן אַ שטייענדיקע וועלט אויף אַן א'ענער
וועלט“, איין נייַע שס־תּחינה, פּיעטריקאָוו 1881.
„בּלייַבּ שטיין פֿאַר א'ענע גלידער פֿון אַ
לעבּעדיקן מענטשן־גוף„, בּ. לאַפּין, פֿולער קדוג.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעפֿוילט — אַדי, פֿאַר איבּערפֿוילן ←.
א'ע פּירות. א'ע לונגען. א'ע פּאָליטישע און
עקאָנאָמישע סיסטעם. „איין שיף פֿון די פֿיר
שיפֿן איז שוין גאָר א, געווען דאָס האָלץ“,
חייַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, בּאַרדיטשעוו 1817.
„בּאַדעקט מיט עטלעכע פֿאַרשימלטע בּרעטלעך,
מיט א'ע שטרוי און ראַגאָזשעס“, ממוס, מסעות.
„אונטערן דאַך, אויף אַן א'ן שטרויזאַק, ליגט
אַלפֿרעד“, הל, 'דאָס ליד וועגן ממזר...
אַלפֿרעד'. „אין אַ שפּאַלט צווישן צוויי מויערן

אַ ייִדענע מיט אַ קאָשיק א'ע עפּעלעך“, דטש, ווילנע. „ווענן, באַשפּיגן מיט א'ע געלבּלעכע בּלעטער“, פּ□, דור־איַן דור־אויס. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.

איבּערגעפֿולט — אַדי, פּאָר איבּערפֿולן ←.

וואָס איז אינגאַנצן פֿול, בּיז איבּער די בּרעגן.

איבּערגעפּלאַנצט

א, מיט וויַן, מיט סם. א'ער זאַל. א'ע פּאָליצעס מיט סחורה. א'ער מאָגן. א'ע פֿאַכן.

□

אָפֿט מיט ז יַ ן & ו ו ע ר ן, צזוו. זיַן א, מיט פֿרייד. א, ווערן מיט ווייטיק. „א, פּונקט ווי אַ כּוס מיט ליַד, האָט זי אויף גאָרער וויַט געטאָן צו וויסן“, פּמ, מלחמה. א, ה אַ ר ץ — פֿול מיט א שטאַרק (איידל, ווייטיקדיק)

גע□ □

□

פֿיל. א, האַרץ מיט רחמנות. „אויפֿנעמען די

ביידע נאָבלקייטן אין אַן א, האַרץ“, פֿאַש, 1951 I י 8. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט

— ,,א, פֿון השתּנה־פּענכער“, מוו איבז, פֿר .יד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז.

איבערגעפֿורעמט — אַדי, פּאַר איבערפֿורעמען ←. א'ע געשטאַלטן. א'ע סטאַטוע. א'ע ווערק. א'ע שפּראַך. ־ערהייט — אַדוו. קייט.

איבערגעפֿײַלט — אַדי, פּאַר איבערפֿײַלן .
א'ע פּרעציזע מכשירים. א'ע לידער. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעפֿײַערט — אַדי, פּאַר איבערפֿײַערו ←. א'ער יום־טובֿ. א'ע געדענקטעג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

1. דזוו איבערגעפֿולט ←. ,,טײַכלעך א'ע פֿון

איבערגעפֿילט — אַדי, פּאַר איבערפֿילן ←..

...
שניי און פֿון רעגן“, ממוס, שלמה. „ענגע,
א'ע און ניט־געזונטע דירות„, בונד, וואָס ווילן
די סאָציאַלדעמאָקראַטן7, זשענעוו 1900. „
אונדזער דירה...א, מיט חבֿרים און חבֿרטעס, ווי

-

אַ פֿאַס מיט הערינג“, דטש, ווילנע. „אָבראָק
וואָס פֿאַלט פֿון א'ן פֿערדס מויל אַרויס“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.
2. וואָס איז דורכגענומען מיט אַ געפֿיל;
וואָס איז דורכגעלעבט געוואָרן. א'ע פֿריידן און
פֿאַרדראָסן. „איך פֿיל אַז איך בין א, מיט
פֿרייד“, פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן פֿון טעאַטער

,   .

קומט דעם חזנס מיידל אַ צעהיצטע...און מיט
אַ פֿול א, האַרץ“, שע, בלאָנדזענדע שטערן I.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — „אַ דעקל
וואָס דריקט אַרונטער די א'„, ז. ווײַנפּער, Iיִד,
קולטור.

▯

איבערגעסינצטערט — אַדי, פּאַר

איבערפֿינצטערן ←. א'ע יאָרן. אַן א, לעבן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

▯

איבערגעסירט — אַדי, פּאַר איבערפֿירן ־▯ ..

א'ע משׂאָות. א'ע פּראָדוקטן. א'ער כאַראַקטער.

„אַ צעבאַלעוועטע, אַן א'ע, זוכט זי נאָר צו פּטרן געלט“, רייד. ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.

איבערגעפֿלאָכטן — אַדי, פּאַר

איבערפֿלעכטן ←. א'ענע קערבּ, צעפּ, חלות. „א'ענע, איבערגעפלאָנטערטע שטאַמען און צווײַגן“, ד. האָכבערג איבּז, אָטאָ שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1920. „די הויט באַשטייט פֿון...א'ענע פֿיבערן“, ע. איזרא, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928.

“אין עסצימער איז מיט גרינגע שיך־און־זאָקן, מיט א'ענע הענט אויף דער אַרויסגערוקטער בּרוסט, אַרײַנגעקומען...,„ בּערג, בּײַם דניעפּער־ I.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט. .

איבערגעפֿלאַנצט — אַדי, פּאַר

איבּערפֿלאַנצן ←. א'ער בּוים. א'ער אָרגאַן. א'ע נירן.

איבּערגעפֿלאָסן

א'ע מנהגים. ,,דער אַמעריקאַנער מענטש, דער
א'ער מעבֿר לים איז נאָד נישט גרינטלעך
אויסגעקאָכט אין דעם...שמעלצטאָפּ'', בּ. רו□--
מאַן, איק, ר,,ה תּשכ''ה. ־ערהייט — אַדוו.
גוט וואַקסן א'. ־קייט.
איבּערגעפֿלאָסן — אַדי, פּאַר איבּערפֿליסן
←. א, וואַסער, א'ענע האָפֿענונגען. ,,שטאָלץ
און האָפֿערדיקייט פֿון אַן א'ענער
אײַנרעדע...
ניש,,, מ. דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 10 1965 X.
־קייט.
איבּערגעפֿלויגן — אַדי, פּאַר איבּערפֿליִען ←.
א'ענע פֿייגל. א'ענע יאָרן. א'ענער מאַרשרוט.
א'ענער געדאַנק. סובֿ. אַן א'ענער = אויך
אַ צופֿעליק־געקומענער, אַזאַ וואָס געפֿינט זיך
דאָ צײַטווײַליק. ,,וואו האָט מען דאָס געהערט?
אַ נגיד וואָס האָט אויף זיך נישט אַן
אומטיידערל [= פֿלעק, פּגם], זאָל פֿון העלער הויט
אַ צוואָה שרײַבן; ער איז טאַקע ווי אַ
נאַדשוויעטנע, אַן א'ענער,,, גענאַרטע וועלט, 1815?

,,ער האָט געמיינט אַז עס איז עפּעס אַן א'ענער, ווײַל ער האָט נאָך, זינט ער לעבט, ניט געזען אַ מענטש אין זעלכע קליידער,,, ראָבינזאָהן, אַלטער לעבּ II, וואַרשע 1888. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעפֿעלן — אוטוו. איצ. אימפּ נבֿ; ~ געפֿעלן. 1. מער ניט געפֿעלן, אויפֿהערן צו געפֿעלן. ,,[יצחק] האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל ניט נעמען קיין ווײַב פֿון די טעכטער כּנען, דען זיי זענען א, אין די אויגן פֿון יצחק און רבֿקה", ספֿר הישר, תּולדות, וואַרשע 1859. 2. געפֿעלן ווערן (וועגן אַ צאָל זאַכן). ,,ס'ווערלן א, דעם עולם אי די דעקאָראַציעס, אי די טענץ, אי די מוזיק,,, רייד.

איבערגעפֿעלקערט — אַדי, פּאַר איבערפֿעלקערן ←. א'ע לענדער. ־קייט.

איבערגעפֿעלשט — אַדי, פּאַר איבערפֿעלשן ←. א'ע פּאַפּירן. א'ע בּאַווײַזן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעסעסטיקט — אַדי, פּאַר איבערפֿעסטיקן ←. א'ער קופֿערט. א'ע פּאָזיציעס. א'ע

פֿאַרטיידיקונג. ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

—

.

-

איבערגעסראָרן — אַדי, לד. פּאַר

איבערפֿריִערן (לד, פּפֿ פֿון ~פֿרירן ←). „צי ווײַל ער

איז געווען א', אָבער דער גרויסער שבֿרת־הלבֿ

האָט פֿון אים אָפּגענומען אַלע זײַנע קרעפֿטן“,

[אמד7], יוסף דער יתום, ווילנע 1865. „די

ענדלערקעס...מיט די א'ענע עפּל„, מ. ריבֿקין,

דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

איבערגעסרוירן — אַדי, פּאַר איבערפֿרירן

← פֿרגל דפֿוו. „זיי זענען שוין געקומען

.

אין די געבערג אַרײַן, איז דאָרטן געווען

אַזוינע קעלטן...זענען פֿיל פֿון די שפּאַניער

...א, געוואָרן אויף טויט“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת

פענח, באַרדיטשעוו 1817. „גיין בעסער אין

בּודקע און לייגן זיך שלאָפֿן. איך בּין
שרעקלעך א',,, שמעון וואָלצענאָק, די געהיימע
האָכצײַט, וואַרשע 1884. ‘‘קומט אַרײַן, איר זײַנט
אַן א'ענער‘‘, שע, אין שטורעס ־ערהייט
.
— אַדוו. ־קייט.

□

איבּערגעסרומט — אַדי. < פֿרום. וואָס
איז זייער פֿרום, איבּער דער מאָס. וואָס איז
פֿון פֿרײַקייט (אַפּיקורסו□) אַריבּער צו
פֿרומקייט. ,,אַן א'ער, רעדט ער איצט נאָר מיט
גאָט און מיט זיך אַליין,,, רייד. ־קייט.

□

איבּערגעסרישט — אַדי, פּאַר איבּערפֿרישן
←. א, בּרויט. א'ע כּוחות. א'ע זכרונות.
א'ע לעקציעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

איבּערגעסרעגט — אַדי, פּאַר איבּערפֿרעגן
←. די א'ע שאלה, קשיא. א'ער אַדרעס. א'ער
עדות. ־ערהייט — אַדוו. ,,א, בּלאָנדזשעט

מען ניט,,, שוו. ־קייט.

-

איבּערגעסרעגטס — דאָס. חדר־טערמין. סיסטעם פֿון פֿאַרטײַטשן אויף ייִדיש אַלץ אָדער אַ טייל בײַם לערנען עבֿרי, ווען מע לייענט תּפֿילות פֿון סידור. ,,אירע עלטערן, פֿאַרמעגלעכע לײַט, האָבּן זי געגעבּן נאָך דעם אַלטן מנהג, אין חדר לערנען עבֿרי מיט א, און נאָכדעם חומש מיט אויסרעדן,,, י. ווײַסבּערג, 'יודישע וואוילקענענדיקע פֿרויען, [יוד, פֿאָלקסבּיבּליאָטעק I, קיִעוו 1888].

-

איבּערגעסרעסן — אַדי, פּאַר איבּערפֿרעסן (זיך) ←. א'ענע מאָרדע. א'ענע פֿישן און פֿליישן. קליידער, א'ענע פֿון מאָ(י)ל. א, מיט דערפֿאָלג. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,האָט פֿון אונדז געדאַרפֿט אַרויסטרײַבּן יענעם דיבּוק פֿון א, און ווילדן לוקסוס", מ. שטריגלער.
איבּערגעצאָלט — אַדי, פּאַר איבּערצאָלן ←. א, געלט. א'ע סומע. א'ע שׂכירות. ,,וויפֿל

דער קויפֿער זאָל ניט באָטן, איז אַלץ א',,,
צ. נ. גאָלאָמבּ, די בּורזשוואַזיע, וואַרשע)19.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבּערגעצאַמט — אַדי, פּאַר איבּערצאַמען
←. פּפֿ: ~געצאָמט, אוקר. ←
איבּערגעצוימט. א'ע חדרים. א'ע גרענעץ. ־ערהייט
— אָדוו. ־קייט.
איבּערגעצוואָגן — אַדי, פּאַר איבּערצוואָגן
←. א'ענע קעפּלעך. אַן א'ענע(ר) = אַן
אויסגעמוסרטע(ר), אָנג זידלטע(ר). ־ערהייט —
אַדוו. ־קייט.
איבּערגעצוואונגען — אַדי, פּאַר
איבּערצווינגען ←. א'ע אַרבּעט. עפּעס טאָן מיט
א'ע כּוחות. ,,זי איז נעבּעך געווען אַן א'ענער
קרבּן", רייד. א'ע צו זאָגן אָמן אויף אַלץ
וואָס דער האַר זאָגט און טוט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבּעתעצויגן — אַדי, פּאַר איבּערציִען ←.
א, בּעטוועש. אַן א'ענע קאַנאַפּע. אַ הימל,
א, מיט אַ שוואַרצער כמאַרע. ספּעצ: 1. אַר־
בּערגעקומען פֿון איין אָרט אין אַ צווייטן.
א'ענע פֿון דאָרף אין שטאָט. 2. צו פֿיל
געצויגן, געדרייט (אַון קאַליע געמאַכט). אַן

א'ענער זייגער. א'ענע ספּרונזשינע. 3. פֿאַר שטעלט, פֿאַרצויגן. „די קלעזמער בײַ דער סצענע, א, מיט אַ לײַלעך„, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „פֿאַרשטויבּטע פֿענצטער, א, מיט אײַזערנע גראַטעס“, אַר, 'מײַן מאַמע'. 4. פֿאַרבּונדן, אײַנגעצויגן. אַ קאַפּאָטע, א, מיט אַ גאַרטל.

איבּערגעציילט

5. בּאַדעקט פֿאַרדעקט, אַרומגעדעקט. א, מיט

,

זילבּער. „בּה[אַ]לט אין ק[אַ]סטן, דיא איבּר צוגן [אַרכ] זײַן מיט לעדר„, סהמ, יחזקאל, כז, 24. „איין וואַנד פֿון האָלץ...איבּר צאגין מיט הייט [= הויט פֿעלן] פֿון ווילדי אוקסין“, יוסיפֿון,

,

אַמשט 1743. „ווען דאָס קינד ווערט געבּוירן, זאָל מען עס תּיכּף בּאָדן, וואָרן עס קומט אַרויס א, מיט שליים„, מרפּא לעם, זשיטאָמיר 1874. „...אַ דיק־גראָבּן ספֿר, טאָוולען פֿון בּרעטלעך, מיט לעדער א'ענע„, ממוס, 'אַ גרויע האָר'. 6. דז פֿיג. “די פֿעלדער„...ניט לאַנג בּאַדעקט מיט טרויער־קליידער, זענען יעצט מיט

גרינעם סאַמעט א,,,, י􏰀ראל אָרנשטיין, רעיונות
י􏰀tראל, יאַס 1893. ,,די אויגן טרויעריק, ווי
מיט אַ שוואַרצן טול א',,, ספּ, גליקלעכע און
אומגליקלעכע. ,,תּמיד זענען אירע אויגן
פֿאַרטראַכט...מיט אַ שטילן טרויער זענען זיי א,'',
שע פֿון פּסח ביז פּסח. ,,רינשטאָקן ווי א'ענע

,

מיט תּכריכים'', ייִט, פּוילן II. *א, מיט אַ
גענדזענער הויט = ווען בײַ אַן איבערשרעק
ווערט די הויט צערונצלט און זעט אויס ווי
באַדעקט מיט קליינע פּרישטשיקלעך. ,,ווען ער
דערזעט אַ גנבֿ, בפֿרט בײַנאַכט...ווערט ער

א, ווי מיט אַ גענדזענער הויט,,, פּרק, געדאַ􏰀־
קען און אידייען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעצוימט — אַדי, פאַר איבערצוימען
← פֿרגל איבערגעצאַמט. אַן א, פֿעלד. ''די

.

דירה איז באַשטאַנען פֿון איין גרויסער שטובֿ,
א, אין מיטן מיט אַ פֿאָרהאַנג'', ה. בערגנער,
איק, פּסח תּשכ''ג. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט. 􏰀

􏰀

איבערגעצונדן — אַדי, פֿאַר איבערצינדן ←.
א, פֿײַער. א'ענע ליכט.
איבערגעצופּט — אַדי, פֿאַר איבערצופּן ←.
א'ע פֿעדערן. א'ע ברעמען. ־ערהייט —
אַדוו.
איבערגעצו▯ערט — אַדי, פֿאַר איבערצוקערן
←. א'ער טיי. א, אײַנגעמאַכטס. א'ע
ריידעלעך. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעצײַנט — אַדי, פֿאַר אי'בערצײַגן
←. א'ע אָנהענגערס. „איך בין א, אַז אין
גרעסטן טייל פֿאַלן קען מען סוף־כּל־סוף
געפֿינען אַן אויסוועג„, ימ איבז, ייִנגל און
מיידל, ריגע 1929. ־ערהייט — אַדוו.
אַוועקגיין א'. ▯קיי▯ט — „מע רעדט וועגן דעם מיט
אַזאַ טיפֿער א'„, לל, ייִבל XXXIII.
איבערגעצײַטיקט — אַדי, פֿאַר
איבערצײַטיקן ←. אַן א'ע בתולה. אַן א'ער געדאַנק.
„דער א'ער קערפּער האָט זיך געשוימט און
נעשטורעמט“, ש. איזבאַן. „פֿון סטעפּ האָט
געצויגן אַ ווינטל וואָס האָט געשאָקלט די
א'ע פֿאַרגעלטע גראָזן“, סאָוו, היימלאַנד, 1962,
No 2.
איבערגעצייכנט — אָדי, פֿאַר איבערצייכע..
נען ←. א'ע מאַפּע. א'ער פּלאַן. ־ערהייט

— אַדוו. ־קייט.

איבערגעציילט — אַדי, פּאַר איבערציילן ←.
א, געלט. א'ע אייער. אַן א'ער ביסן.
אַרײַנצימבלען ניט קיין א'ע שמיץ. „אין א, געלט
איז ניטאָ קיין מזל־ברכה„, פֿגל. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.

איבערגעצירט

איבעתעצירט — אַדי, פּאַר איבערצירן ←.
א'ער זאַל. א'ע היטעלעך. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.

איבערגעצלמט — [...ציילעמ] אַדי, פּאַר
איבערצלמען ←. א'ע גויים. „ווען דאָס שנויצל
ווערט באַשטויבט מיטן בלומענשטויב פֿון אַן
אַנדער בלום, בײַ דער א'ער באַשטויבונג,
אַנטוויקלען זיך אין בלום אַ סך געזונטע זוימען„,
ד. האָכבערג איבז, שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע
1920. ־קייט.

איבערגעצעגטלט — אַדי, פּאַר
איבערצעגטלען . א'ע ברוכצאָלן. ־קייט — אַן א,
מיט דער פּינקטלעכקייט ביז 0.001.

איבערגעצערט — אַדי, פּאַר איבערצערן (זיך)
←. אָפּגעצערטע און א'ע פּריזיווניקעס.

־ערהייט — אַדוו.
איבערגעצערטלט — אַדי, פּאַר
איבערצערטלען ←. א'ע קינדער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעקאָוועט — אַדי, פּאַר
איבערקאָוועז ←. א'ע שווערדן. א'ע פּאָדקעוועס. א'ע
פֿערד. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקאָכט — אַדי, פּאַר אַיבערקאָכן ←.
א'ע יויך. שפּײַז, א, אין מאָגן. „שזהו הדמיון
בּישול בּשׂר הגשמי, שבּגמר בּישולו נעשׂה
רק וראוי לאכול (בּל„א [= בּלשון אַשכּנז]
עס איז גוט א')„, קונטרס ההתפּעלות מ״בֿ...
מו״ה דוד בּ״ר בּן...מו„ה שניאור זלמן זצ״ל...„
[קעניגסבּערג? 1831], יט/ב. „מע דאַרף [די
פֿלעקער] גוט פּאַרשפּיצן...גוט אויסשמירן מיט
א'ע דזעגעכץ„, מ. ווערלער, ווי מען פֿלאַנצט
אַ סאָד, ווילנע 1900. „די הויפּטזאַכן וועלכע
פֿאַרדאַרבּן דעם מאָגן זענען: ניט־פֿרישע...פֿיש,
קאַלט וואַסער, ניט קיין א'ס...„, דר, כימיקער
א. דאנין, דער וועג־ווײַזער פֿון געזונט,
וואַרשע 1905. „יונג בּלוט, טראָפּיש א'„ קאָר III.
־ערהייט — אַדוו. „דער מאָגן איז שוואַך,
בּרעכט ער אַפּילו די מילך אויס ניט א'„,
מלכּה בּערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנע

1836. ־קייט.
איבערגעקאָכטס — דאָס, ־ן. פּד. דאָס וואָס ווערט איבערגעקאָכט. רעזולטאַט פֿון איבערקאָכן.
א געקאַלייעט — אַדי. ל2. אויך: ~ געיעט. קומט מיט ז ײ ן & וו ע ר ן. סל. זײַן אינגאַנצן דורכגעפֿרוירן, מיט פֿאַרשטײַפֿטע הענט און פֿיס. אַרײַנקומען א'ע פֿון פֿראָסט.
איבערגעקאַלכט — אַדי, פּאַר איבערקאַלכן ←. צימערן, א'ע לכּבֿוד יום־טובֿ. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקאַמט — אַדי, פּאַר איבערקאַמען ←. פּפֿ: ~געקעמט. א'ע פֿריזור, טשופּרינע. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקאָרמעט — אַדי, פּאָר איבערקאָרמען ←. א'ע בהמות, גענדז. "אײַער זונעלע איז א', אויבֿ ער וועגט שוין..."„ פֿגעז, ווילנע 16 1931, No. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקוואַלט — אַדי, פּאַר איבערקוואַלן

←. א'ע וואַסערן. א'ע תּורה. „קיינמאָל...איז

די וועלט ניט געווען אַזוי אָנגעקוואַלט און א,
מיט מוזיק ווי אונדזער דור,,, דער לעבעדיקער,
פֿאַש, 18 l952 I ־קיים.

.

איבערגעקוועטשט — אַדי, פּאַר
איבערקוועטשן ←. א'ע ווײַמפּערלעך.
צונויפֿגעקוועטשטע
און א'ע פּאַרשוינען איו בויד. ־ערהייט
— אַדוו.
איבערגעקוועלט — אַדי, פּאַר איבערקוועלן
←. א'ע און איבערגעמוטשעטע.
איבערגעקוילעט — אַדי, פּאַר איבערקוילען
←. א'ע הינער. די א'ע בשעתן פּאָגראָם.
־ערהייט — אַדוו. זיך צאַפּלען אויפֿן זאַמד א'.

-

איבערגעקויסט — אַדי, פּאַר איבערקויפֿן
←. א'ע סחורות. א'ע באַאַמטע. ,,די עדות...
זענען א'ע...מײַן לעבן צו רויבן",...
אַבשילדערונג פֿאָן קעניג אַחאָבֿ.־.איזבֿל, וואַרשע 1862.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעקויקלט — אַדי, □אַר איבערקוי□עך.
לען
(זיך) ←. פּפֿ: ~געקײַק ט. א'ע פֿעס

א'ע אויף לינקס (רעכטס). קללה: א, זאָלסטו ווערן = זאָלסט קומען צו גלגול עצמות, זאָלסט שטאַרבן. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעקוליעט — אַדי, פּאַר איבערקוליען (זיך) ←. אַן א'ער פֿון לינקס אויף רעכטס. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעקומען — אַדי, פּאַר איבערקומען ←. א'ער עקזאַמען. „א'ע צרות איז גוט צו דערציילן“, שוו. „נאָר אַ ווייכקייט האָט פֿון זיי אַרויסגעקוקט, פּונקט ווי נאָך אַן א'ער קרענק“, וויַס I ▯, 'ווי דער גורל פֿירט,. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעקוקט — אַדי, פּאַר איבערקוקן ←. א'ע דאָקומענטן, קאָמפּאָזיציעס. א'ע חולאָים. א'ע תּפֿילין. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעקיַט — אַדי, פּאַר איבערקיַען ←. א'ע שפּיַז. א'ע רייד. „א'ע איז ניט געשמאַק (האָט קיין טעם ניט)„, שוו. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעקיַקלט — אַדי, פּאַר איבערקיַקלען ←. דזוו איבערגעקויקלט. די אָפּֿטערע פֿאָרעם. ־ערהייט — אַדוו.

איבערגעקילט — אַדי, פּאַר איבערקילן ←. א'ע זופּ. א'ע צימערן. א'ע באַציאונגען.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעקלאָגט — אַדי, פּאַר איבערקלאָגן ←. א'ער חורבן. א'ער אורטייל. ־קייט.

איבערנעקלאַנג — דער, ־ען. 1. געקלאַנג, קלינגערײַ וואָס רופֿט זיך איבער (פֿון ווײַט). אַ ווײַטער א'. 2. המשך, איבעררוף, איבער חזרונג פֿון אידייען אע. דער א, פֿון דורות און תּקופֿות.

איבערגעקלאַפּט — אַדי, פּאַר איבערקלאַפּן ←. א'ע פּאָדקעוועס. א'ע שילד. א'ע זאַנגען. א'ע פּילקע. *אַן א'ע (אָפּגעשלאָגענע) הושענה = עפּעס וואָס האָט לחלוטין פֿאַרלאָרן דעם ווערט, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעניצט. „לאָז אים צו רו, ער איז אַן א'ע הושענה„.

־ערהייט — אַדוו.

איבערנעקנעפּלט

איבערגעקלונגען — אַדי, פּאַר

איבערקלינגען ←. א'ע טענ�ר. א'ע אַלטע לידער. א'ער שם.

איבערגעקליבן — אַדי, פּאַר איבערקלײַבן ←. א'ענער גבאי, פֿאָרזיצער. א'ענע אַרבעס.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעקליג(ל)ט — אַד�, פּאַר

איבערקליגן, איבערקליגלען ←. א'ער קאָנקורענט. אַן א'ע המצאה. ,,איבערגעקליגלטע קלייגשטעטלדיקע מאָנדרישעס פֿלעגן פֿרעגן קליינע חומשייִנגלעך: וואָס איז ,ויקרא, געווען, אַ ייִד צי אַ גוי?‟, י. יאַנאַסאָוויטש, היימיש, שבֿט־אָדר תּשכ,,א. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט —
,,אונטער אָט דעם תּמעוואַטן 'ניט פֿאַרשטיין, איז פֿאַרבאַהאַלטן אַ סך...איבערגעקליגלטקייט,,, י. קאָהן, פֿאַש, 7 1951 XII. ,,...אין דער איבערגעקליגטקייט פֿון אַ פֿלאָרענטינער סעניאָראַ,,, טמז, 8 1965 ▯I.
איבערגעקליידט — אַדי, פּאַר איבערקליידן ←. אַן א'ער ווי צו אַ גרויסער שׂמחה. אַ מיידל, א, אין אַ ייִנגל. א'ע פּורים־שפּילערס. ,,ווען ער וועט זײַן א', זאָל ער קומען צו די חתונה,,, אָבֿ. פּשעמיאַכאָווער, די פֿערבאָרגע▯ע צדיקים, פּיעטריקאָוו 1911.
איבערגעקלעפּט — אַדי, פּאַר איבערקלעפּן ←. א'ער פּאַקעט. א'ע פּאַפּירן. צעבראָכענע אָבער א'ע כּלים. ,,די פֿענצטער זײַנען דאָ גיט פֿאַרטונקלט און ניט א, מיט קיין פּאַפּירענע סטענגעס‟, מ. קאָבריאַנסקי, סאָוו, היימלאַנד, 1 1963, No. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקלערט — אַדי, פּאַר איבערקלערן

←. 1. א'ער באַשלוס. 2. א'ער ווײַן.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעקנאָטן — אַדי, פֿאַר איבערקנעטן ←. א, טייג. „דער וועג, א, פֿון טויזנטער פֿיס, מאַשינעס און וועגע□ער„, ח. מעלאָמוד, סאָוו, הײמלאַנד, 2 1962, No. ־ערהייט — אַדוו. □קייט.

איבערגעקנאַקט — אַדי, פֿאַר איבערקנאַקן ←. א'ע ניס. א'ע פֿינגער. א'ע שבֿחים. „גאָטס א'ע ניסלעך„ — שפּאָטיש וועגן נסים. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

איבערגעקנייטשט — אַדי, פֿאַר איבערקנייטשן ←. א, פּאַפּיר. אַן א, קליידל. אַן א, ד אַ ו ו נ ע ן = וועו מע היפּערט איבער דעם גרעסטן טייל. אַן א'ע מ י נ ע = אַן אומצופֿרידענע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעקנײַפּט, ~געקניפּן — אַדי, פֿאַר איבערקנײַפּן ←. א'ע, א'ענע בעקלעך. אַן א'ע, א'ענע חלה.

איבערגעקנעלט — אַדי, פֿאַר איבערקנעלן ←. א'ע עבֿרי, א'ע גמרא. די א'ע תּורה. א'ע אידייען. —ערהייט — אַדוו. ניט קענען אַפֿילו א'. ־קייט.

איבערגעקנעפּלט — אַדי, פֿאַר

איבערקנעפּלען ←. אַן א'ער מאַנטל. *אַן א'ער = אַזאַ
וואָס טראָגט אויף זיך (צו פֿיל)
אויסצייכענונגען.

איבערגעקעמט

איבערגעק קעמ

אַ ען. א'ע האָר ־ער

.

— היי

מט — אַדי, פֿאַר איבער

.. פּפּ: ,

— אַדוו.

א

אַ קאָנוס.

2. איבערגעדרייט פֿון דער רעכטער זײַט
אויף דער לינקער. א'ע קאַפּאָטע. ,,אַ פּויער,
מיט אַ פּעלץ א, מיט די האָר אַרויף“, י□tראל
אָרנשטיין, חזון י□tראל, יאַס 1886. *אַן א'ער
פּ ע ל ץ = א) פֿאַלשער, פֿאַררעטער; בּ)
געשמדטער. ,,מיט אַן א'ן פּ, סטראַשעט מען
אונדז ניט“, צעד. 3. איבערגעדרייט די
ריכטונג פֿאַרקירעוועט אויף צוריק. דער
נאָכגעיאָגטער און א'ער [= צוריקגעק□. פֿאַרדרייט,
, רטער] שליח.
א פֿורל, א, פֿון מיטן וועג.
צעדרייט, פֿאַרקרימט. א'ע רייד, ווערטער. אַ
אָל
-

פּנים מיט משונה־א'ע אויגן. ,,זײַן רו ז
צערינען ווי טרערן וואָס פֿאַלן אויף א'ע
געזיכטער“, הל, אין טרעבלינקע....
5. גרונט־אויס איבערגעביטן. קאַפּויערדיק,
להיפּוכדיק. ווערן אַן א'ער מענטש. ,,אַן א'ע
ו ו ע ל ט: קאַפּויערע דינים, פּריקרע מנהגים,

מאָדנע...שטראָפֿן, אַלץ עפּעס אַזוינע משונהדיקע
שרעקלעכע מעשׂים,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
,,אויף אונדזער ערד...זײַנען אַלע יסודות נאָך
א'", הל, אין טרעבלינקע.... *אַן א'ער = א)
דזוו א'ער פעלץ; בּ) פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַנדער
מין באַשעפֿעניש. ,,געעקט האָט זיך נישט נאָר
מײַן אוצר פֿון ווערטער, נאָר איך בּין
אינגאַנצן אַן א'ער,,, אַלף כּץ, צוק, מײַ־יוני 1965.
א'ער אַ ל ף ־ בּ י ת — מיט פֿאַרבּיטענע
אותיות, לויט דער סיסטעם א"ת, בּ,,ש אאַזוו
(אָדער לויט אַן אַנדער סיסטעם). ,,האָט אים דער
אורח געענטפֿערט...איק, בּכּר גלש...דער טאַטע
האָט יאָ פֿאַרשטאַנען פֿאַרשטייסטו מיך...דאָס
...
איז אונדזער א'ער אַלף־בּית...איטלעכער הייסט
בּײַ זיי על־פּי אַלף־בּית,,, שע, 'דער אורח'.

□

א'ע ק ו ו אָ ר ט — אַז מע קומט צוריק פֿון
אַ לוויה און מע וואַשט די הענט, איידער מע
גייט אַרײַן אין שטוב, לייגט מען אַוועק די
קוואָרט אַן א'ע [אַ רמז אויפֿן פּסוק 'הפֿכת
מספּדי למחול לי, (תּהלים, ל, 12): מידת־הדין,
וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ טויט פֿון

אַ נאָענטן, זאָל פֿאַרקערט ווערן אין מידת־
הרחמים, און מע זאָל מער ניט וויסן פֿון קיין
צע ‎]. ־ערהייט — אַדוו — ,,דער
העליקאָפּטער האָט געקראַכט א',,, טמז, 4 1965 IX.
־קייט.
איבערגעקראָכן — אַדי, פּאַר איבערקריכן

9()3

←. א'ענע ווערעם, יאַשטשערקעס אע. קוים
א'ענע אין אַ העכערן קלאַס. ־ערהייט —
אַדוו.
איבערגעקראַצט — אַדי, פּאַר איבערקראַצן
←. א, פּנימל. א'ע וואונד. א'ע אויפֿשריפֿט.
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקרייצ(יק)ט — אַדי, פּאַר
איבערקרייצ(יק)ן ←. א'ע וועגן. א'ע מינים פּירות.
א'ע הינט. ,,דו זעסט דאָך דעם בוים בײַ דעם
צאַם מיט די א'יקטע ברעטער“, הל, אַ בלאַט
אויף אַן עפּלבוים. ,,אַ שאַרבן מיט צוויי א'ע
ביינער“, מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 l962, No.
איבערגעקרימט — אַדי, פּאַר איבערקרימען
←. א'ע אָפּצאַסן. א'ע ליניעס. א'ע גענג,

שטיקלעך. „וואָס גיט עס אונדז? אַ ביסל איינזײַטיק
א'ן לעבן־שטייגער„. שנ, ייִד, שרײַבער אין
סאָוו'־פֿאַרבאַנד ־ערהייט — אַדוו ־קייט.

□ □

איבערגעקריצט — אַדי, פּאַר איבערקריצן
→. א'ע גראַמאָפֿאָן־פּלאַטן. א'ע מצבֿות.
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעקרענקט — אַדי, פּאַר
איבערקרענקען →. א'ע פֿאַרדראָסן. די א'ע צײַט.
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעראָטן — אַדי. זייער געראָטן.
געניצט אָפּט איר. אַן א'ענע פֿאָרשטעלונג.
־קייט.
איבערגעראַמט — אַדי, פּאַר איב□ □מ□
→. א'ע חדרים. א'ע בילדער. ־ע ייִ
רך

— אַדוו.
איבערגעראָפּעט — אַדי, פּאַר איבערראָפּען
→. 1. וואָס איז פֿול מיט ראָפּע, אייטער. אַן
א'ע וואונד. 2. איבערגעזאַלצן. א'ע יויך. א'ע
קאַשע.
איבערגעראַשט — אַדי, פּאַר אי'בערראַשן

←. געניצט צו פֿאַרבײַטן איבעררעדן איבערראַ'שט (←.).
אַן א'ער פֿון דער אומגעריכטער בשׂורה.
־קייט — „דערנאָך דערפֿיל איך קילקייט אויפֿן
לייַב...פֿון דערשרעקן זיך, פֿון א'“, מ.
נראָסמאַן, היימיש, שבֿט תשכ„ב.
איבערגערודערט — אַדי, פּאַר איבעררודערן
(זיך) ←. א'ע נאָך אַ שווערן קלאַפּ. ־קייט.
איבערגערויש — דער, ־ן. גערויש וואָס
קומט גלײַכצײַטיק פֿון אַ צאָל ערטער. דער
א, פֿון אַן אויפֿגעפֿלאַקערטער קאַנאָנאַדע. אַן
א, פֿון פֿלאַטערנדיקע בלעטער.
איבערגערונדיקט — אַדי, פּאַר
איבעררונדיקן ←. א'ע ליניעס. געבן אין א'ע צאָלן,
בלויז אין טויזנטער.
איבערגערתען — אַדי, פּאַר איבעררינען ←.
דאָס א'ע וואַסער. דאָס א'ע גליק. ־ערהייט
— אַדוו.
איבערגערוקט — אדי, פּאַר איבעררוקן ←.
א'ע שטולן. דער א'ער זייגער. א'ער טערמין.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעריבן — אדי, פּאַר איבעררייַבן ←.
א'ענע קערנער. א'ענע קאַרטאָפֿל. *אַן א'ענער
= אַ דורכגעטריבענער, אַ כיטרער. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.

איבערגערעדט

איבערגעריטן — אַדי, פּאַר איבעררײַטן ...
א'ענע פֿערד. א'ענע סטעפּעס.
איבערגערייכערט — אַדי, פּאַר
איבעררייכערן ←. א, פֿלייש. אַן א'ע פּיפּקע. אַן א'ע
ל י ו ל ק ע = אויך: ווער עס האָט אַ סד
לעבנס־דערפֿאַרונג. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.
איבערגערייניקט — אַדי, פּאַר
איבעררייניקן ←. א'ע קליידער, צימערן. א'ע נשמה.
סאָוו — א'ע פּאַרטיי־מיטגלידער. א, קעמערל.
א'ע שטוב = אויך: וואָס מע האָט אַלץ פֿון
דאָרטן אַרויסגעגנבֿעט. א'ע קעשענע = אויך:
אַ ליידיקע, אָן אַ גראָשן. א'ע קעשענעס, כאָטש
מאַך אין זיי אָן, וואול ־ערהייט — אַדוו.

־קייט.
איבערגערייצט — אַדי, פּאַר איבעררייצן ←.
א'ע הויט. א'ע וואונד. א'ער הונט. ,,
מענטשן...[מי] אַן א'ן...נערוון־אַפּאַראַט,,, פּאָר,
10 1965 I. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט

— „די היסטערישע א, פֿון יענער
אַלטפֿרענקישער מאָראַל“, היימיש, סיוון־תּמוז, תּשכ״א.
איבּערגערימט — אַדי, פּאַר איבּעררימען ←.
א'ער רעדנער. א, ווערק. ־קייט.
איבּערגעריסן — אַדי, פּאַר איבּעררײַסן ←.
א'ענער שמועס. א'ענע שטיקער לײַוונט. א'ענע
מעלאָדיע. א'ענע קאַדענץ אין מוזיק. די א'ענע
טראַדיציע. א'ענע שפּיל. א'ענער קאָן. א, לעבּן.
א'ענע בּאַציאונגען. „איז דער קו־הכּבֿוד א,
בּײַ דעם שטריך פֿון חכמה, דאַן וועט ער
לײַדן קאָפּשמערצן און בּויכווייטיק“, איבּז ר,
מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע 1882. „...דעם
שטאַרקן שטראָם בּלוט וואָס שפּריצט אַרויס
-
פֿון אַן א'ענער אַרטעריע„, ד. מאָרדווין, די
לעהרע פֿון לעבּען, בּערלין 1898. „דער
איבּעריקער עולם פֿון חתנס צד שווײַגט...דער
בּדחן ווערט שיִער א, שרײַענדיק„, ייִל,
פּוילי־קייט — „אַ דערפֿרישונג און טרייסטונג פֿון
שע יונגל, אַדעס 1895. ־ערהייט — אַדוו.

נישט־א, און המשך“, יג, תּוך I.
איבּערגערירט — אַדי, פּאַר איבּעררירן ←.
א'ע זאַכן. אַן א'ער פֿון שטאַרקע געפֿילן. *א'ע

טייג — טייג וואָס האַלט אין אויפֿגיין און מע
רירט עס (און עס פֿאַלט איַין). ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגערעדאַגירט — אַדי, פּאַר
איבעררעדאַגירן ←. א'ער מאַנוסקריפּט. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
אי'בערגערעדט — אַדי, פּאַר איבעררײדו,
~רעדן ←. א'ע ווערטער. א'ע טעמע. אַן
א'ער ניין־זאָגער וואָס ווערט אַ יאָ־זאָגער. *ניט
א, זאָל עס זיַין — בײַם דערמאָנען עפּעס בייז,
שלעכטס, אַן אומגליק, אַ קראַנקייט,
לשונהרע. *אַן א'ע(ר) = אַ פֿאַרפֿירטע(ר). „באַלד
וואַר זיא אַל דא איבר רע'ט [אַרכ], דאז זיא
גינג מיט אים צו בעט„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ
1686. „וועט ער זאָגן: גערט אָן דײַנע לענדן,
אַנטפּלעק דײַן אָרעם, דו א'ער מענטש“, חה,
ב, 20. ־ערהייט — אַדוו. „א, גייט אָוועק
דער פֿאַראיבל“, רייד. ־קייט.

איבערגערעטעניש

איבערגערעטעניש — דאָס, ־ן. גרויס
גערעטעניש, שפּע. אַן א', מע זאָל ניט האָבן
קיין הענט אַרײַנצוברענגען אַלץ אין די

שפּײַכלערס און שײַערן. בײַ אונדז אַן א, אויף פּאָעזיע.

איבּערגערעכט — אַדי. אַבּסאָלוט גערעכט. האָבּן א'ע טענות און פֿאָדערן אַ מינימום פֿון דעם וואָס עס קומט. ־קייט.

איבּערגערעכנט — אַדי, פּאַר איבּעררעכענען ←. 1. נאָכאַמאָל (עטלעכע מאָל) גערעכנט, איבּערקאָנטראָלירט. אַן א'ער חשבּון. "גיפֿטיקע פֿליסיקייטן מיט אַן א'ער דאָזע, אַז אויף דעם מענטשלעכן קערפּער זאָלן זיי קיין שלעכטס ניט ווערקן", דר, כימיקער א. דאנין, דער וועגווײַזער פֿון געזונד, וואַרשע 1905. 2. בּאַטראַכט. וואָס איז מיט ישובֿ־הדעת. א'ער ענטפֿער. האַנדלען א', ניט כאַפּ־לאַפּ. „דער מענטש איז ניט א': דאָ אַרבּעט ער, דאָ עסט ער, דאָ טרינקט ער — דאָ שטאַרבּט ער. בּעו„ה מע זעט דאָס בּײַ פֿיל מענטשן", דרך עולם, וואַרשע 1861. אַן א'ער = אַ סאָלידער, מיושבֿדיקער. „[ער] איז אָבּער געווען צו טעמפּעראַמענטפֿול און ניט א'", פֿאַש, 1952 ׳י 25 I.

3. בּאַרעכנט, שפּאָרעוודיק (ווײַל מע האָט בּאַגרענעצטע מיטלען). „מע מוז זײַן א, די גאַנצע וואָך, אַניט וועט אויספֿעלן אויף

4. וואָס

שבּת“,
רייד. ז ײַ ן א', זיצן אויפֿן גראָשן.
מע האָט צו פֿיל געמאָנט. צאָלן אויך די א'ע
סומע.
5. וואָס מע האָט פֿריִער דערמאָנט,
אָנגערופֿן. די א'ע פּערזאָנען. „אַזעלכע אויסדרוקן
ווי די א'ע [רעשטן פֿון נייטראַלן מין אין

ליטשפּעטערדיקע אַנטלײַאונגען פֿון פּוילישן
דיאַווישן ייִדיש] איז שווער צו דערקלערן ווי
לעקט„, ימ, ייִשפּ 6 I, 3. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעשאָבן — אַדי, פּאַר איבערשאָבן ←.
א'ענע פֿיש, מערן ־ערהייט — אָדוו.
.

א'ענע פּערענעס. פּעלצן א, מיט נאַפֿטאַלין.
איבערגע וואָטן — אַדי, פּאַר איבערשיטן ←.
אַן א'ענער מיט לײַז. ווענט, א, מיט
פּאָלאָווינעס ־ערהייט — אַדוו —קייט.
. .
איבערגעשאָכטן — אַדי, פּאַר איבערשעכטן
←. א'ענע קעלבער. א'ענע זקנים און קינדער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבּערגעשאָלטן — אַדי, פֿאַר איבּערשילטן,
~שעלטן ←. א'ענע מענטשן.
איבּערגעשאַל(י)עוועט — אַדי, פֿאַר
איבּערשאַל(י)עווען ←. ,,...פֿענצטער, א, מיט

בּרעטקלײַזל,,, ייִל, ניט טויט, ניט לעבּעדיק, ווילנע
לעך פֿאַר אַ מחיצה צווישן דער שטוב מיטן

תּרנ״ח.
איבּערגעשאָסן — אַדי, פֿאַר איבּערשיסן ←.
די א'ענע קוילן. א'ענע האָזן. א'ענע פּאָזיציע.
א'ענע פּרײַזן. די א'ענע אין בּאַבּי־יאַר.
איבּעדגעשאַפּ — אַדי, פֿאַר איבּערשאַ ייִט
ן
..
אַן א, ווערק. א'ענע קולטור־אוצרות. ־ער
— אַדוו. ־קייס.

איבּערגעשאַצט — אַדי, פֿאַר איבּערשאַצן
←. א'ע סחורות. א'ע ווערטן. א'ע טאַלאַנטן.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשאָרן — אַדי, פּאַר איבערשערן ←.
פּפֿ: ~געשוירן. א'ענע שטיקלעך פּאַפּיר.
א'ענע קעפּ. ־ערהייט — אָדוו.

איבערגעשאַרסט — אַדי, פּאַר איבערשאַרפֿן
←. א'ע אינסטרומענטן צום שנײַדן. א'ע
באַציאונגען. א'ע קריטיק. ־ערהייט — אַדוו.
—קייט.
איבערגעשוואומען — אַדי, פּאַר
איבערשווימען ←. א'ער טײַך. א'ענע ברעגן.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשוואָלן — אַדי. 1. דזוו געשוואָלן.
שטאַרק געשוואָלן. א'ענע ברעגן פֿון טײַך.
„שטעכט...אין מאַמעס צעקנאָטענע פֿיס און א'
ענע שולטער„, הל, 'טאַטע־לעגענדע'. 2.
איבערגעטריבן. א'ענע פּרײַזן. ־קייט.
א בערגעשוויגן — אַדי, פּאַר איבערשווײַגן
←. א'ענע שעה. א'ענע עוולות.
איבערגעשוועמט — אַדי. דטשמ. נר.
איבערגעפּלייצט. „האַלב־פּאַרטרונקען אין די
בלאָטעס, א, פֿון די וואַסערן“, אַש.

א ◌ בערגעשווענקט — אַדי, פּאַר איבערשווענקען ←. „אויסגעהאַנגען אויף אַ שטריקל עטלעכע א'ע שטיקלעך גרעט“, ממוס, ווינטשפֿ.
איבערגעשוימט — אַדי, פּאַר איבערשוימען ←. א'ער ווײַן. א'ע וואַרעניע. א'ע כוואַליעס. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערג ירן — אַדי, פּאַר איבערשערן ←. דזוו איבערגעשאָרן.
איבערגעשולט — אַדי, פּאַר איבערשולן ←. א'ע ספּעציאַליסטן. ־קייט.
איבערגעשונדן — אַדי, פּאַר איבערשינדן ←. געקוילעטע און א'ענע בהמות. (דער)קענען עמעצן אַן א'ענעם = גרינטלעך, דורך און דורך, אין וואָסער געשטאַלט ער זאָל ניט דערשײַנען.
איבערגעשטאָכן — אַדי, פּאַר איבערשטעכן ←. א'ענע זעק. א'ענער גוף. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעשטאָלט — אַדי, פּאַר איבערשטאָלן (זיך) ←. א'ער קינזשאַל. א'ער כאַראַקטער. ־קייט.
איבערגעשטאַלטונג — די, ־ען. רעזולטאַט פֿון איבערגעשטאַלטן, איבערפֿורעמונג. „יענע ווירקלעכקייט־געשטאַלטונג איז געווען צו דער גלײַכער צײַט...אַן א',,, שנ, לעזער, דיכטער,

קריטיקער I. „די פֿרײַע קונסט...ווירקט צו
א, פֿון מענטש און לעבן„, ב. ריווקין,
גרונטטענדענצן.... „די מאָדערנע גײַסטיקע א, פֿון
גאַנצן ייִדישן פֿאָלק“, עמנואל פּאַט, וועקער,
.XII 1957 1
איבערגעשטאַלט(יק)ן — טרוו. געשטאַלט(יק)
איבער, ~געשטאַלט(יקט). 1. איבערפֿורעמען
אין אַן אַנדער געשטאַלט. א, דעם מענטשן. א,
אַ כאַראַקטער. „שאַפֿן אַן אָדם שלם און דורך
אים א'יקן די גײַסטיקע פֿיזיאָנאָמיע פֿון די
פֿעלקער פֿון דעם מענטשלעכן מין“, ב.
ריוו,

אי ערגעשטײַפּט

.--

קין, אָ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע. „נײַע
לעבנסדערפֿאַרונגען האָט ער איבערגעשטאַלטיקט אין
דער פֿאָרעם פֿון נײַע מעשׂיות“, ייִט [וועגן
דובנער מגי]. “א'יקן טאַטע־מאַמעס שטוב“,
ש. ביקל, טמז, 2 .31 1962 .III

איבעראַנדערשן דעם תּוך, דאָס עיקרדיקסטע. א, אַ
ווערק, אַ באַוועגונג, אַ רעזשים. א, אַ מלוכן□־
סיסטעם. „אין פֿאַרשיידענע לענדער איז דער
סאָציאַליזם איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן אין
אַלערליי פֿאַרזעענישן“ פֿאַש, 25 1952 □I.

,
מיט ז י ך. —ונג. איבערגעשטאַלטיקט
— אַדי, פּאַר. “אויף די א'ע בערג פֿון ירושלים□,
הל, טאָג, 23 1957 XI.
איבערגעשטאַנען — אַדי, פּאַר איבערשטיין
←. 1. ספּעצ (וועגן עסנוואַרג) וואָס איז
געשטאַנען צו לאַנג. פֿאַרטריקנט, אָן אַ טעם.
איבערגעזויערט. א, געקעכטס. „אַ קייסער האָט
געפֿרעגט פֿאַרוואָס דאָס געקעכטס פֿון שבת
...
שמעקט, און דאָס איז זייער גוט און עס איז
ניט פֿאַרדאָרבן, כאָטשע דאָס איז א'“, מדר□I
ע□רת הדברות, לעמבערג 1862. „דעריבער [
איבער דער כאָלערע] זאָלן זיך ייִדן פֿאָרכטן...ניט
עסן קיין טשאָלנט...און ניט קיין א, עסן“,
קמ, 27 1866, No. „דעם גאַנצן טאָג האָרעוועט
מען, און אַז מע קומט בײַנאַכט...איז ניטאָ
וואָס איבערצובײַסן...געפֿינט מען...דאָס עסן

קאַלט און א,", הגדה של פסח על־פּי נוסח
חדש, נ"י 1894. ,,אַ קול אַ זויערס ווי א'ענער
עסיק", בערג, בײַם דניעפּער I. *א'ענער ג ר י
— פֿאַרעלטערטע, מער ניט אַקטועלע זאַך,
. — —
טעמע. א'ענע מויד = פֿאַרעלטערט און
פֿאַרזעסן.
2. וואָס איז שוין געשטאַנען (צום פּריזיוו)
און איבערגעקומען. ,,איין זון איז שוין אַן
א'ענער און דער צווייטער דאַרף באַלד שטיין
צום פּריזיוו", רייד. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבערגעשטאָפּט — אַדי, פּאַר
איבערשטאָפּן →. 1. א'ע גענדז. א'ע זעק. א, מיט עשירות
ווי קורח. *א'ע קישקע = אַ פֿרעסער. 2. א'ע
זאָקן. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשטויסן — אַדי, פּאַר
איבערשטויסן →. א'ענע גאָגעלעך. א'ענער מאָן, א'ענע
מצה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשטונקען — אַדי, פּאַר
איבערשטינקען →. א'ע פּראָדוקטן. א'ער מיסטקאַסטן.
־ערהייט — אַדוו.
איבערגעשטופּט — אַדי, פּאַר איבערשטופּן
→. א'ער וואָגן. ־ערהייט — אַדוו.

איבּערגעשטורעמט — אַדי, פּאַר

איבּערשטורעמען ←. א'ע זאַווערוכעס. א'ע יאָ□ו. ־קייט.

איבּערגעשטיגן — אַדי, פּאַר איבּערשטײַגן

←. א'ענע אָנבּאָטן. א'ענע מחיצה. א'ענער רעקאָרד (בּײַ אַ פֿאַרמעסט). א'ענע קענטעניש. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

-

איבּערגעשטײַסט — אַדי, פּאַר איבּערשטײַפֿן

←.. א'ער שטריק. א'ער קראַגן. א'ער בּאַמטער. א'ע בּאַציאונגען. א'ע מאַניערן. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

איבּערגעשטימט

איבּערגעשטימט — אַדי, פּאַר איבּערשטימען

←. א'ער קאַנדידאַט. א'ע וואַל־ליסטע. א'ע החלטה. א'ע פּיאַנאָ. ־ערהייט — אַדוו. —קייט.

-

איבּערגעשטיסט — אַדי, פּאַר איבּערשטי□ן

(זיך) ←. א'ע קינדער. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט — מיט קינדערשער א'.
איבּערגעשטיקט — אַדי, פּאַר איבּערשטיקן
←. 1. א'ע הינטעלעך. די א'ע אין די
גאַזקאַמערן. 2. א'ע אוזאָרן. א, טלית־זעקעלע.
־ערהייט — אַדוו. □ קייט.
איבּערגעשטעלט — אַדי, פּאַר איבּערשטעלן
←. א'ע מעבּל. א'ע בּיכער. אַלע א'ע פּיעסעס.
די א'ע פֿעסלעך קרויט. אַן א'ע שטים. „זײַנע
פּסוקים און שבֿרי־פּסוקים — אָריגינעלע...,
פֿאַרקירצטע צי א'ע — דערשײַנען אָפֿט...ווי
טיטלען פֿון וויכטיקע ספֿרים“, א. ליפּינער,
איק, ר“ה תּשכ„ו. ־ערהייט — אַדוו.
־קייט.
איבּעדגעש □ :ןעמפּלט — אַדי, פּאַר
איבּערשטעמפּלען ←. א'ע מאַרקע. א'ער פּאַס. א,
פּאַפּירגעלט ־ערהייט — אַדוו ־קייט.
□
.
איבּערגעשטעפּט — אַדי, פּאַר איבּערשטעפּן
←. א'ע קאָלדרעס. ־ערהייט — אַדוו.
איבּערגעשטעקט — אַדי, פּאַר איבּערשט □
-
קן ←. אַ ציצה, א, איבּער די הויזן. ־ערהיי

— אַדוו. ־קייט.
איבערגעשטראָכן — אַדי, פּאַר
איבערשטרײַכן ←. אויך: ~געשטריכן. א'ענע שורה.
א'ענע דיִאַגראַם פֿון ביידע זײַטן ראָד איז

. „
דאָ צוויי וואַלקעס, באַדעקטע מיט רימען,
איבערגעשטריכענע מיט אַמאַלגאַם“, י״ד [יעקבֿ
דינעזאָן], דער דונער און דער בליטץ, ווילנע
1874. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשטראַלט — אַדי, פּאַר
איבערשטראַלן ←. א'ע שטחים. א, פֿון אַ גוטער
ידיעה. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעשטראָסט — אַדי, פּאַר
איבערשטראָפֿן ←. א'ער אַרעסטאַנט. א'ע פֿון גאָט
און פֿון מענטשן. „אויב מיר זײַנען פֿ— ט

ארזינדיקטע, זײַנען מיר אויך א'ע“, רייד. ־ערהיי
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעשטרענגט — אַדי. צו שטאַרק
אָנגעשטרענגט. א'ע נערוון. א'ע פֿון גרייטן זיך

צום עקזאַמען. ▯קייט.
איבערגעשיט — אדי, פּאַר איבערשיטן ←.
פּד. דזוו איבערגעשאָטן. „שאַרלאַך...אַן
אויסשלאָג...די הויט איז א, מיט רויטע פֿלעקן„,
פּראָפֿ, שליינ׳ץ איבז, מרפא לעס, זשיטאָמיר
▯187.
איבערגעשײַערט — אַדי, פּאַר איבערשײַערן
←. אַן א'ער סאַמאָוואַר. כלים, א'ע אויף פּסח.
־ערהייט — אדוו. ▯קייט.
איבערגעשיבורט — אדי, פּאַר איבערשיכורן
←. א'ע נעכט. א'ע פֿון התפּעלות. ־ערהייט
— אדוו. ־קייט.
איבעדגעשיכטלעך — אַדי. וואָס איז מער,
העכער, דויערדיקער ווי דאָס געשיכטלעכע.
וואָס איז ניט אָפּהענגיק פֿון דער צײַט (תּקופֿה).

910

„דער גאָון איז א', אָבער ניט אומגעשיכטלעך.
פֿאַרשטיין אים מיינט קודם־כל פֿאַרשטיין זײַן
תּקופֿה„, יוחנן טווערסקי, צוק, סעפּט, 1964.
־קייט.
איבערגעשימלט — אַדי, פּאַר

איבערשימלען ←. א'ע ברויט. א'ע אידייען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשיקט — אַדי, פּאַר איבערשיקן ←.
א'ע פּאָסט. א'ע שלח־מנותן. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעשלאָגן — אַדי, פּאַר איבערשלאַגן ←. א'ענע סמעטענע. א'ענע פּוטער. א'ענע שיכּורים. אַ קלייד, א, מיט ט(י)ול. א'ענע ה אָ ד (ע) ל ע ך = פּד. קאַשע (האָבערנע אָדער גערשטענע) מיט פּוטער, סמעטענע אָדער אַן אַנדער פֿעטס. ספּעצ: 1. איבערגעריסן,
איבערגעה קט. „איז דער יונגערמאַן געבליבן ווי א, אין דער מיט", ווײַס I, 'איינער אַ מענטש'.
2. וואָס איז בדוחק, געדריקט. „די וואָך זײַנען די געשעפֿטן אַ ביסל א, דורך דעם וואָס די טעלעגראַפֿן זײַנען ניט געגאַנגען„, קמ, 1866, No 46. ־ערהייט — אדוו. ־קייט.
איבערגעשלאָסן — אַדי, פּאַר איבערשליסן ←. א'ענער עלעקטרישער שטראָם.
איבערגעשלתגען — אַדי, פּאַר איבערשלינגען ←. א'ע האַלעשקעס. א'ע פּילן. אַן א, דאַוונען.
איבערגעשלייערט — אַדי, פּאַר איבערשלייערן ←. אַן א'ע דאַמע. „איבערגעגעבן אמתע

פֿאַסירונגען, א'ע מיט אויסגעטראַכטע פּרטים“,
רייד. ־ערהייט — אַדוו.
▯
איבערגעשליפֿן — אַדי, פֿאַר איבערשלײַפֿן
←. מעסערס, א'ענע ווי חלפֿים. א'ענע
בּריל אַנטן. א'ענער סטיל. ־ערהייט — אַדוו.
׳
־קייט.
איבערגעשמאָלצן — אַדי, פֿאַר
איבערשמעלצן ←. א'ענע מעטאָלן. א'ענע זופּ. א'ענע
קאַפּאָטע. „מיט א'ענעם חלבֿ מעג מען יוי
אָנצינדן“, תּיקוני שבּת, אוסטרהא 1818. „איצט
איז דאָס רויגאָלד גערייניקט, א', געלײַטערט„,
פֿאַש, 1 1965 II ־ערהייט — אַדוו.
.
־קייט.
איבערגעשמדט — ▯..שמאַ▯] אַדי, פֿאַר
איבערשמדן (זיך) ←. א'ע קינדער. אַן א'ער
(האַלדז) = א) ווער עס קען זיך ניט אָנזעטיקן
מיט תּענוגים, פֿאַרגעניגנס; בּ) ווער עס האָט
געהערט צו דער פֿרומער וועלט און איז
געוואָרן אַן אַפּיקורס. ־ערהייט — אַדוו. א,
זיך אינטערעסירן מיט ייִדישע ענינים. ־קייט.
איבערגעשמידט — אַדי, פֿאַר איבערשמידן

→. א'ע שווערדן. א'ע פֿערד. אַן א'ער אין נסיונות. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשמיסן — אַדי, פּאַר איבערשמײַסן →. א'ענע חדר־ייִנגלעך. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעשמירט — אַדי, פּאַר איבערשמירן →. ברויט, א, מיט שמאַלץ. חלה, א, מיט אַ געלכל. אַ מצה, אַן א'ע מיט קעז. א'עווינדעלעך. א'ע אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעשפּיצט

איבערגעשניטן — אַדי, פּאַר איבערשנײַדן →. אַן א, שטיק שטאָף. אַן א'ענע(ר) אָדער. א'ענער האַלדז. באַקומען א'ענע ריפּן. א'ענע ברעטער. אַן א'ענער וועג. א'ענע קאָמוניקאַציע־ליניעס. „געקוילעט און האָט דעם שניט געוויזן, צי זײַנען א,ביידע סימנים“, אמד, ספּורי גזירות תּ“ח ותּ„ט, ווילנע 1862.
איבערגעשעצט — אַדי, פּאַר איבערשעצן →. א'ער ווערט. א'ער טאַלאַנט. ־קייט.
איבערגעשפּאָלטן — אַדי, פּאַר איבערשפּאַלטן →. א'ענע גלעזער. א'ענע שײַטלעך האָלץ.

א'ענע ליפּ. ״לעבן אַן אַלטער, אויסגעקרימטער און האַלב־פֿאַרדאַרטער ווערבע, א, אין דער העלפֿט אַמאָל פֿון אַ דונער,,, ממוס, פֿישקע. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשפּאַנט — אַדי, פּאַר איבערשפּאַנען
←. אַן א, פֿערדל. א'ער עלעקטרישער שטראָם. די א'ע מרחקים. א'ע אויסטײַטשונג פֿון געזעץ. ,,לערנען...אַרײַנקוקן אין ספֿרי חסידים, קריגן א'ע געדאַנקען,,, קמ 1866, No 17. ,,עס שפּאַרט אים די קראַפֿט, דער א'ער כוח", פּרץ, פֿעליעטאָנען. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערנעשפּאָרט — אַדי, פּאַר איבערשפּאָרן
←. דאָס א'ע געלט. א'ע אַרבעט. ־ערהייט — אַדוו.
איבערגעשפּונען — אַדי פּאַר איבערשפּינען
←. א'ע יאַרדן שטאָף. א'ע קנעפּ. א'ע חלומות
איבערגעשפּיגן, ~געשפּײַט — אַדי, פּאַר איבערשפּײַען ←. א'ענע פּאָדלאָגע. א, פּנים.
איבערגעשפּילט — אַדי, פּאַר איבערשפּילן
←. 1. א'ע מעלאָדיע. א'ע ראָלן. א'ע פּאַרטיע שאָך. 2. א'ער ווײַן. —ערהייט — אַדוו. ־קייט.
איבערגעשפּיצט — אַדי, פּאַר איבערשפּיצן

←. אַן א'ער בלײַער. ספּעצ: 1. (צו) שאַרפֿזיניק. (צו) חריפֿותדיק, (צו) שאַרף. ,,פֿאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן באַלד פֿון דער נאַטור שאַרפֿע קעפּ, א'ע קעפּ,,, ממוס. ,,דער אַנדערער מענדעלע איז גראָד אַ חכם, אַן א'ער; ער פֿילט שטענדיק וואו דער שוך קוועטשט“, ממוס, שטורעמצײַט. ,,די א'ע מוחות וואָס קלערן אויס אַלערליי איזמען און שלעפּן מענטשן אונטער דעם יאָך פֿון זייערע פּלענער,,, בעמ . ער איז נ י ט קיין א'ער — א) נאַאיווער, תּמימותדיקער; בּ) אַזאַ וואָס באַנעמט ניט געגוג גיך. ,,אַן אמתער, אַן ערלעכער ייִד, אַפֿילו נישט אַזאַ א'ער, נאָר אַ מזג־טובֿ, אַ מענטש אָן אַ גאַל“, שע, קליינע מענטשעלעך.... ,,איטלעכער וועט די 'קליאַטשע, פֿאַרשטיין כּפֿי זײַן פֿאַרשטאַנד...די נישט־א'ע וועלן הנאה האָבן פֿון דער מעשׂה אַליין,,, ממוס, קליאַטשע (הקדמה). ,,ס'איז געשריבן געוואָרן פֿאַר מענטשן וואָס זײַנען ניט שטאַרק א, און ניט זייער באַהאַוונט אין די קליינע אותיותלעך,,, שנ, די ייִדישע ליטעראַטור און די לעזערין.

2. קליגעריש, כיטרע. אַן א'ער יונג. א'ע טעאַטער־רעצענזיעס. ,,הייסט עס דאָך אַז הײַנטיקע ייִדן זענען אַלע א'ע, דורכגעטריבענע

איבערגעשפּיצלט

יונגען וועלכע ריידן נאָר אויף לשון סגינהור“,
ממוס, ,בּישיבֿה של מטה'.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — ,,ער לײַדט
ניט פֿון א', ער געניסט פֿון פּשוטע
מענטשלעכע תּענוגים“, ימ איבּז, טאָניאָ קרעגער, ריגע
1930. ,,אַ גוטמוטיקע, איז איר יעדע שׂנאה
און האַס געוועזן פֿרעמד, יעדע חניפֿה, קנאה
און א, ווײַט,,, ייִז, יאָשע קאַלבּ.
איבּערגעשפּיצלט — אַדי, פּאַר
איבּערשפּיצלען ←. ,,מע זאָגט אויף אַן א'ן חכם להרע
—, וחכם, [וויי־חכם],,, יע, וואונדער־אוצר...,
דאָס דאַוונע1.
איבּערגעשפּירט — אַדי, פּאַר איבּערשפּירן
←. א'ע ווייטיקן. א'ע ריחות. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבּערגעשפּרונגען — אַדי, פּאַר
איבּערשפּרינגען ←. א'ענע האָפּקעס. א'ענע פּלויטן,
בּאַריערן. אַן א'ענער קלאַס. אַן א'ענער פּונקט
פֿון סדר־היום ־ערהייט — אַדוו.

.

איבּערגעשפּרייט — אַדי, פּאַר

איבערשפּרייטן ←. אַן א'ער טישטעך. א'ע איבער דער
וועלט. ־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערגעשפּריצט — אַדי, פּאַר
איבערשפּריצן ←. א'ע בייטן. א, פֿון אַ כוואַליע. א'ע
פֿונקען. ווענט, א'ע מיט פּינטעלעך פֿון אַן
אַנדער קאָליר ־ערהייט — אַדוו.

.

איבערגעשראָקן — אַדי, פּאַר איבערשרעקן
←. אַן א, פּנים, אַן א, קול. א'ענע פֿרוי.
א'ענער ענטפֿער. אַרײַן אַ פּאַרסאָפּעטער, אַן
א'ענער. „האַ, ווידער אַ צרה, אַ גזירה אויף
ייִדן? פֿרעגן אים א'ענע ייִדן, נעבעך“,
— .
ממוס, ווינטשפֿ. „האָזן...האָבן אומגעלייגט די
אויפֿגעשטעלטע אויערן און א'ענע זיך
אַוועקגעלאָזט איבער די פֿעלדער„, אָפּאַ, פּוילישע
וועלדער. אָפּט מיט ו ו ע ר ן. „דער
אומגליקלעכער מלך...איז דאָ זייער א, געוואָרן“, חײַקל
הורוויץ, צפֿנת פענח, באַרדיטשעוו 1817.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט — “זײַן יונג
פּנים איז געווען בלייך פֿון א'„, פּ. גוטערמאַן,
מײַן שטעטל, רמת־גן 1952.

איבערגעשרויסט — אַדי, פּאַר איבערשרויפֿן
←. א'ער קראַן. א'ע פּרײַזן. ־ערהייט
— אַדוו.
איבערגעשריבן — אַדי, פּאַר איבערשרײַבן
←. א, געשעפֿט. א'ענער כּתבֿ־יד. א'ענע
געשיכטע. א'ענע אַרטיקלען סחורה. ־ערהייט
— אַדוו. ־קייט.
איבערגעשריגן, ~געשר ען — אַדי, פּאַר
איבערשרײַען ←. בייזער, א,(ג)ענער ענטפֿער.
א'ער טאַלאַנט. "ניטאָ קיין איין א'ער מאָמענט
אין דער גאַנצער אויפֿפֿירונג,,, מוק, טעאַטער
און ייִדיש טעאַטער. ־קייט.
איבערגעשריי — דער, ־ען. געשריי פֿון
איינעם צום אַנדערן. דאָס איבעררופֿן זיך דורך
שרײַען. אַן א, פֿון מענטשן וואָס האָבן זיך
פֿאַרלאָרן אין אַ וואַלד.
איבערגעשרפֿעט — [...געסאַרפֿעט] אַדי, פּאַר
איבערשרפֿע(נע)ן ←. א'ער אויוון. א, ברויט.
א'ע זופּ. אַן א'ער, חלשט ער נאָך אַ טרונק.
איבערגראַבליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע)

איבּער, ~געגראַבליע(ווע)ט. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש אַרבּעטן מיט אַ גראַבּליע. א, היי. א, די צעאַקערטע בּייטן.

איבּערגראַבּלען — טרוו. ־בּל איבּער, ~ געגראַבּלט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש עפּעס טאָן, גראַבּלענדיק מיט פֿינגער, מיט נעגל. איבּערקראַצן, איבּערראָיען. א, אַ פּנים און לאָזן סימנים. א, די ערד מיט די נעגל. 2. איבּערזוכן, איבּערנישטערן. א, די פּאַפּירן, זאַכן און ניט קענען געפֿינען. אויך מיט ז י ך — א, זיך אין יענעמס האַרץ. ־עניש.

איבּערגראָבּן — טרוו. גראָבּ איבּער, ~ געגראָבּן. 1. גראָבּן נאָכאַמאָל, עטלעכע מאָל אָדער אַנדערש. א, מיט אַ רידל, אַ לאָפּעטע, אַ גראָבּאײַזן. „עטלעכע מאָל גוט א, די ערד און איבּערמישן מיט מיסט„, רעד, מ. ווערלער, ווי מע פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. „אַלץ געעסקט דאָ, געגראָבּן און איבּערגעגראָבּן, געפֿלאַנצט און איבּערגעזעצט„, ה. דאָבּין, סאָוו, היימלאַנד, 2 .2 ,1961 No. גראָבּן אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, גראָבּנס, קאַנאַווען. 3. מאַכן אַ מחיצה מיט אַ גראָבּן. א, אַ רינווע צווישן צוויי פֿעלדער. 4. איבּערזוכן. איבּערפֿאָרשן. א, דאָקומענטן. א, בּאַווײַזן. א, (אין) אַרכיוון.

א, אין אַלע מקורים. אויך מיט ז י ך —
„די סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעגראָבן אין
(אויף) אַ צווייטער פּאָזיציע„. —ונג. ־עכ ן.
־עניש.
איבערגראַגערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געגראַגערט. 1. גראַגערן אַ סך, אַ לענגערע
צײַט. א אַלע המנס פֿון דער מגילה. 2.
מאַ,
כּן (מיטן גראַגער) אַ גרעסערן ליאַרעם פֿון
די אַנדערע. א אַלעמען. 3. איבערטומלען.
,
איבערשרײַען. א, דעם גאַנצן עולם אויף דער
פֿאַרזאַמלונג. מיט ז י ך — קזוו. 4.
איבערפּלוידערן. א, אַלע פּליאָטקעס. 5. אוטוו.
אויפֿהערן גראַגערן.
איבערגראָד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע איבער,
~געגראָד(י)עט. סל. אויך: ~גראָדז(י)ען.
~גראָדז(ש)ען. ~גראָזשען.
איבערצוימען, איבערצאַמען. א, די שטוב, מאַכן אַ
באַזונדער קאַמערל פֿאַרן יונגן פּאָרפֿאָלק. א, אַ
גערטעלע.
איבערגראַווירן — טרוו. ־וויר איבער, ~(גע)־
גראַווירט. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש מאַכן
אַ גראַוויר אַרבעט. קריצן אויף מעטאַל אע. א,

-

די איניציאַלן ־ונג.

.

איבּערגראַטולירן — טרןו. ־ליר איבּער, ~(גע)גראַטולירט. נאָכאַמאָל אָדער אַ סך מאָל גראַטולירן, באַגריסן. א אַלע געסט. א, צו

,

אַלע שׂמחות אין דער משפּחה ־ונג.

.

איבּערגראַטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער, ~געגראַטעוועט. אויך: ~קראַטעווען. פֿאַרשטעלן אָדער פֿאַרצוימען מיט גראַטעס. נאָכאַמאָל, אַנדערש פֿאַרגראטעווען. א, פֿענצטער. א אַ שווערן קאַסטן מיט אײַזנדראָט.

,

איבּערגראַמען — טרוו. גראַם איבּער, ~ געגראַמט. מאַכן, איבּערמאַכן אַ גראַם אָדער גראַמען. אויך מיט איר בײַטעם. א, קאַפּאָטע מיט סוכאָטע. ־עכץ. ־עניש.

איבּערגרײַזלען

▯

איבערגרוז(י)ען — טרוו. ־ז(י)ע איבער, ~ געגרוז(י)עט. ל2. 1. איבערלאָדן, אַראָפּנעמען משׂא פֿון איין אָרט און לייגן אויף אַן אַנדער אָרט. א אַ וואַגאָן בּרעטער. 2. אַרויפֿ, לייגן צו פֿיל משׂא. א, דעם וואָגן אַז די פֿערד זאָלן אים ניט קענען רירן פֿון אָרט.

איבערגרויליק — אַדי. וואָס איז נאָך גרויליקער ווי גרויליק. „די א'ע כּוחות וואָס לעבן אין דער גאָטלאָזער מענטשן־וועלט„, צײַט, טמז, 24 IX 1961. „אין די א'ע יאָרן פֿון חורבן“, רייד. ־יקייט.

איבערגרויס — אַדי. זייער גרויס. „אַן א, גליק, האָט מען געזען, האָט אים ווי געטראָפֿן“, נס, העשל אַנשעלעס. “און פֿון א'ער אײַלעניש וואָלט קיין גוטס ניט אַרויסגעקומען“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־קייט

איבערגרונטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)־גרונטירט. איבערשמירן מיט אייל און מיט ספּעציעלער וואָלוועלער פֿאַרב פֿאַרן באמתדיקן פֿאַרבן עפּעס צום ערשטן מאָל. „צום א', דע קן און אויספּאָליטורן מוז מען שוין בּאַנוצן אייל“, בּער. ־ונג.

איבערגרטעווען — טרוו. ־טעווע איבער,

~געגרונטעוועט. 1. איבערגראָבן. א, די ערד
און פֿאַרזעצן דאָרטן אַ ביימעלע. 2. איבער
פֿאָרשן. א, דעם ים־התּלמוד. 3.
איבערגרונטירן. א, אַ טיר פֿאַרן פֿאַרבן. א, דעם סופּיט
און דערנאָך מאָלן.
איבערגרופּירן — טרוו. ־פּיר איבער, ~(גע)־
גרופּירט. איבערשטעלן אין גרופּעס.
אײַנאָרדענען לויט אַן אַנדער סדר. א, די אָביעקטן פֿון
דער אויסשטעלונג. א, די דיוויזיעס אויפֿן פֿראָנט.
(מאַט) א, די גלידער אין אַ גלײַכונג. א, די
מיטגלידער אין די באַזונדערע קאָמיסיעס. א,
דעם קאָמיטעט און אים געבן אַנדערע פֿונקציעס.
„די מיליטערישע כּוחות פֿון מערבֿ מוזן
איבערגרופּירט ווערן“, פֿאָר, 6 XII 1964. אויך
מיט ז י ך. ־ונג — א, פֿון אַטאָמען.
אידייאישע א,.
איבערגריבלען זיך — אוטוו. ־בל זיך
איבער, זיך ~געגריבלט. אַ לענגערע צײַט אָדער
ביזן סוף שטאַרק נאָכפֿאָרשן,
איבערטראַכטן. א, זיך אין אַלטע ביכער, כּתבֿ־ידן און
דערגראָבן זיו צו עפּעס. א, זיך אין עמעצנס
פּריוואַט־לעבן.
איבערגריזשען — טרוו. ־זשע איבער, ~
געגריזשעט. אויך: ~נריז(י)ען. 1.

איבּעררײַסן, איבּערשנײַדן דורך גריזשען. א, דעם גאָרגל. 2. ווידער, אַ צאָל מאָל, אַ לענגערע צײַט גריזשען. א, די טרוקענע סוכאַרעס. א, די זעלבּיקע עטלעכע בּיינער. 3. פֿיג. כּסדר אַדען; מאַטערן מיט רייד, מיט מוסר אע.
י
האַלטן אין איין א, דעם מאַן. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
איבּערגרײַזלען — טרוו. ־זל איבּער, ~ געגרײַזלט. 1. מאַכן גרײַזעלעך נאָכאַמאָל אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן. יעדן אויפֿדערנאַכט א, די האָר. 2. גרײַזלען אַ לענגערע צײַט אָדער בּיזן סוף. א, דעם קאָפּ האָר, מאַכן אים אין גלעקעלעך. ־עניש.

איבּערגרײַזן

איבּערגרײַזן — אוטוו. גרײַז איבּער, ~ געגרײַזט. מאַכן אַ סך גרײַזן, גרײַזן אַ לענגערע צײַט. א, בּײַם אָננעמען די וויכטיקסטע בּאַשלוסן. א, בּײַם איבּערגעבּן פֿאַקטן און בּײַם מאַכן אויספֿירן. אויך: איבּערזינדיקן. א, און דערנאָך חרטה האָבּן.
איבּערגרייטן — טרוו. גרייט איבּער, ~

געגרייט. 1. צוגרייטן אַ צאָל זאַכן מאַכן גרייט
ביזן סוף. א, אַלץ צום מאָלצײַט, צו דער
שׂמחה. 2. גרייטן אויף אָן אַנדער אופֿן.
א, וואָס עס איז שוין געווען צוגעגרייט.
3. צוגרייטן מער ווי מע דאַרף. א, פּראָוויאַנט
וואָס מע וועט גאָרניט קענען ניצן. מיט ז י ך
— "מע דאַרף אַ קאַפּעלע זיך צולערנען, זיך
א'", י ו, קוד, 1939. ־ונג. ־עניש.
איבערגרייכן — גרייך איבער, ~געגרייכט.
אָנטוו — גרייכן ביזן אויבן. א, ביז צו דער
אייבערשטער פּאָליצע. טרוו — איבערשטײַגן.
א, דעם חבֿר אין לערנען.
איבערגרייסן — טרוו. גרייס איבער, ~
געגרייסט. מאַכן גרעסער (העכער, וויכטיקער)
ווי אַן אַנדערן (ווי אַנדערע). „און דער מלך
האָט אים איבערגעגרייסט איבער אַלע זײַנע
חאַרן". געוויינלעך מיט ז י ך — זײַן זייער
גדלותדיק, אַרויסשטעלן זיך מיט גאווה. א,
זיך מיט קענטענישן, מיט דערפֿאָלגן בײַ פֿרויען.
איבערגריל — גרילץ איבער, ~געגרילצט.
פּפֿ: ~גרי ערן. אוטוו — אַ סך, אַ
לענגערע צײַט גרילצן. א, אַ האַלבע נאַכט און
ניט לאָזן שלאָפֿן. טרוו — גרילצן מער,
שטאַרקער ווי אַן אַנדערער (ווי אַנדערע). א,

דעם אָרקעסטער. אַ געמבּע וואָס קען אַלעמען א'.
־עניש.
איבּערגרימאַסעווען — טרוו. ־סעווע איבּער,
~(גע)גרימאַסעוועט. נאָכמאַכן אויף אַ
גראָטעסקן אופֿן. מאַכן מינעס, העוויות בּײַם
איבּערגעבּן ווי אַן אַנדערער רעדט, טוט עפּעס. „וועסט
קריגן פּעטש פֿאַרן א, דעם זיידן“, רייד.
איבּערגרימירן — טרוו. ־מיר איבּער, ~
גרימירט. 1. אַרויפֿלייגן גרים נאָכאַמאָל אָדער
אָנדערש. אַראָפּוואַשן דעם גרים און א'. 2
פֿאַר.
גרימירן אַ צאָל אָדער בּיזן סוף. א, אַלע
אַקטיאָרן. א, די קינדער צו דער פֿאָרשטעלונג.
3. איבּערטרײַבּן בּײַם גרימירן. א, דאָס פּנים
מיט ליניעס ווי רעלסן. מיט ז י ך — “איך
בּין אַנטלאָפֿן צו מיר אין גאַרדעראָבּ כּדי זיך
א, צום צווייטן אַקט„, ש. איריס, אָט אַזוי האַט
מען געשפּילט טעאַטער, בּ„א 1956. ־ונג.
איבּערגרימפּלען — טרוו. ־פּל איבּער, ~
געגרימפּלט. שלעכט איבּערשפּילן. א, אויף דער
גיטאַר די זעלבּיקע עטלעכע מעלאָדיעס ־עניש.
.
איבּערגרינען — גרין איבּער, ~געגרינט.
אוטוו — 1. אויפֿהערן צו זײַן גרין. די

ביימער האָבן איבערגעגרינט. 2. ווערן שימלדיק.
„זע ווי דער קעז האָט איבערגעגרינט“, רייד.
טרוו — איבערפֿאַרבן אויף (אין) גרין. א, די
פֿירהענגלעך.

איבערגריסן — טרוו גריס איבער, ~
געגריסט. (באַ)גריסן אַ צאָל. א, אַלעמען פֿון
דער משפּחה. מיט ז י ך — א, זיך מיט

אַלע12

מען, געבן יעדערן די האַנט און זאָגן אַ פּאָר
פֿרײַנדלעכע ווערטער.
איבערגרעמפּליע(ווע)ן — ←
אויסגרעמפּליע(ווע)ן.
איבערגרענעצן — טרוו. ־נעץ איבער, ~
געגרענעצט. אויך: ~גרענעצירן. 1.
ענדגילט ק דורכפֿירן, מאַכן אַ גרענעץ, אָפּטיילן.
א אַ פֿעלד, אַ גוט. 2. מאַכן אַן אַנדער
,
גרענעץ. ־ונג.
איבערגרעסערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געגרעסערט 1. מאַכן גרעסער ווי מע דאַרף.
.

א, מלבושים. 2. אַרויסשטעלן גרעסער ווי
עס איז. א, די הכנסה. ־ונג.
איבערגרעסצן

גרעפּס(ע־

— אוטוו. גרעפּץ

גרעפּצט. אויך: ~גרעפּצען, ~ ן.

איבער, ~ג

1. אַ לענגערע צײַט כסדר גרעפּצן. א, נאָכן
פֿעטן טשאָלנט. 2. אויך טרוו. גראָב.
במקומווערב פֿאַר: איבעררײדן, איבערזאָגן,
איבערזינגען, נאָכמאַכן אע. א, ווי דער אַלטער חזן
צעלאָזט זיך. א, פֿאַרשיוועגע באַרימערײַען
(אייגענע און פֿרעמדע). אויך מיט ז י ך.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבערדאגהן — [...דײַגען] אוטוו. דאגה

איבער, ~געדאגהט. אַ סך, שטאַרק זאָרגן ז ך
וועגן עמעצן, עפּעס, אָדער וועגן אַ צאָל. „וואָס
האַלטסטו אין איין א, וועגן יעדער
נאַרישקייט„, רייד. מיט ז י ך — אויפֿהערן זיך
דאגהן; צוגעוואוינען זיך צו די דאגות. א, זיך
און גרינגער אָפּעטעמען.
איבערדאַגי'נע(נע)ן זיך — אוטוו. ־גינע

זיך איבער, זיך ~דאַגינעט. לר. זאַמעט.
daigynas . □ [—פֿלאַנצן] < . □ □ □ :(laigstנ□t□
-

[= אָרט וואו מע פֿאַרפֿלאַנצט גרינסן].
איבערקלייַבן זיך אין אַן אַנדער אָרט, שטאָט. א, זיך פֿון דעם פּיצעלע שטעטל אין אַ גרעסערער שטאָט.
איבערדאַוו(ע)נען — טרוו. דאַוון איבער, ~געדאַוונט. 1. נאָכאַמאָל דאַוונען. איבערזאָגן אַ תּפֿילה נאָכאַמאָל (מחמת מע האָט ניט יוצא געווען). „דאָס בחורל האָט אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען, האָט אים דער פֿאָטער געהייסן א'“, רייד. „ווען ער האָט געדאַוונט אָן נטילה, מוז מען א'“, אמד איבז, בית אבֿרהס, ווילנע 1865. „אַז דו ביסט דיך טועה און דו זאָגסט תּפֿילת שחרית [אַנשטאָט מוסף] וואָס טוסטו?...דאַרף מען א'“, סשי I. [לויטן דין מוז מען א, אין אַ צאָל פֿאַלן, למשל: ווען מע דאַוונט אינדרויסן, דאָס אָרט איז אומריין און מע האָט זיך ניט אַרומגעקוקט; ווען מע פֿאַרגעסט ראשחודש בײַ שחרית צו זאָגן יעלה־ויבֿא אאַ. „איך וועל קיינמאָל ניט דאַרפֿן א', ווײַל איך קען ניט פֿאַרגעסן יעלה־ויבֿא, און איר וועט פֿאַרגעסן, אַפֿילו בײַם א'“, זאָג פֿון ר, ישׂראל

בעל־שם־טובֿ, ווען מע האָט אים געפֿרעגט,
ווי עס איז דער דין וועגן א'□] 2.
איבערשטײַגן בײַם (אין) דאַוו(ע)נען. דער נײַער חזן
וועט א, דעם אַלטן.
איבערדאָזירן — טרוו. ־זיר איבער, ~
דאָזירט. געבן, פֿאַרשרײַבן, אײַננעמען אַ צו
גרויסע דאָזע (מעדיצין). „די קאָמפּליקאַציעס

איבערדאַנק

בײַם א, קאָנען זײַן צו גרויסע“, 'טאָז,
שריפֿטן, וואַרשע 1929. ־ונג.
איבערדאָזע — די, ־ס. צו גרויסע דאָזע.
„די סכּנה ליגט נישט נאָר אין דער א', נאָר
אויך אין דעם, וואָס די דאָזיקע דראָגס
קאָנען פּראָדוצירט ווערן אָן דער געהעריקער
אויפֿזיכט“, טמז, 2 5□19 II.
איבערדאַטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~
דאַטירט. 1. אַרויפֿשטעלן (אויפֿשרײַבן) אַן
אַנדער דאַטע. א, די דאָקומענטן מיט אַ
פֿריִערדיקער (ווײַטערדיקער) דאַטע. 2. באַשטימען אַ
נײַע דאַטע. א, דאָס באַגעגעניש פֿון די צוויי
אויסערן־מיניסטאָרן. ־ונג.
איבערדאַך — דער, ~דעכער. געבוי אָן

ווענט; בלויז אַ דאַך, איבערגעהאַנגען איבער
סלופּעס. באַהאַלטן זיך פֿון רעגן אונטערן א'.
איבערדאַכטן — טרוו. דאַכט איבער, ~
גערדאַכט. איבערטראַכטן, איבערקלערן, האָבן
פֿאַרשיידענע מחשבֿות; זיך ייִשובֿן אַ ציַיט. א, אַ
האַרבן ענין, אַן אָנבאָט. *א, צום שלעכטן,
צום גוטן.

-

א בערדאַמסן — טרוו. דאַמף איבער, ~
געדאַמפֿט. אויך: ~דאַמפּן. 1. נאָכאַמאָל
באַאַרבעטן מיט דאַמף. א אַ קלייד פֿאַרן פּרעסן.
,
2. גרינטלעך, ביזן סוף פֿאַרוואַנדלען אין דאַמף.
א, געזאַלצן וואַסער אין הייסע רערן. ־ונג.
איבער — דאַנק — אַדוו פֿראַזע (מיט אַ
וואָרט אָדער ווערטער צווישן ביידע טיילן).
אַרכ. בעל־כּרחו (כּרחך), קעגן ווילן. tב,
כב/א, פֿאַרטיַיטשט ,בעל כּרחך': ,,איבר דיַין
דנק“. ,,אונ, שוואורן אים אַל אירי טרוייאַן,
אבר אובר אירן דנק אונ, מיט גרושׂן רוייאַן“,
בבֿא־בוך, 36. טח פֿאַרטיַיטשט רשיס 'על כּרחנו,

(שמות, א,)l: ,,איבּר אונזר דנק,,. ,,בּישערט
גליק...קומט אונ, גיט זײַנן גאַנג, איבּר אַל
דײַני פֿײַנד ווילן אונ, דאַנק“, צוכט. ,,דער שׂר
של עשׂו זאָגט: איבּר אונזר דאַנק מוזו מיר
דינן דיך“, נצ1, לד/ב. ,,דא שפּראַך דער קיסר:
פֿר וואַר דוא מושׂט מיר דען ליבּן ווײַזן איבּר
דײַן דאַנק,,, מבּ, מעשׂה נו. ,,אונ, ער הערשט
אויף ישׂראל איבּר איר דאַנק דרײַא יאַר,,,
סתמ, כז/ב. ,,דער בּיזי מלאך מוז זאָגן אָמן
דרויף איבּר זן דאַנק,,, בּרכת המזון, אַמשט
1723, יא/ב. ,,...האבּן מיר מוזן נעמין בֿוכר
[= וואָכע] איבּר אונזר דנק...זיא גילאפֿן צו
אונשׂ דז מיר אין זאָלן געלט לייאן אויף
בֿוכר“, שי, אַמשט 1770.

איבּערדאַ'נק — אַדוו. (פֿרגל דפֿוו,
ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג). בּעל־כּרחו, קעגן ווילן,
איבּערגוואַלד. לט1, נח/א: ,,דא מוז דער בּיזר
מלאך איבּר זײַן דנק אָמן דרויף זאָגן,,; לט2,
נב/ב: ,,און דער בּייזער מלאך מוז דערויף
אָמן זאָגן א'“. ,,א, ווערן דיר דײַן אום פֿרײַנד
מוזן לאָזן גאָטשׂ גאבּ און שנק,,, עיון, טו/ב.
,,ווער דיא גירעכטיגקייט ער וועהלט צום שוץ,
ווערדן אים דיא לײַט איבּר דנק אונטר וואַרפֿן“,

ספֿר מבֿחר הפּנינים, חומבּורג תּצ,,ט. ,,אַז
ער גייט אַרויס און אַרײַן קושט ער [די מזוזה],
מוזן די שדים א, אים בּענטשן‘‘, קה, קע/א.
,,אַז עס קומט אויף אים ח‘‘ו אַ צרה, מוז

איבּער דאָס

ער א, תּשובֿה טון‘‘, דבֿרי יעקבֿ, לעמבּערג
1875. ,,דער פּאָליאַק לערנט רוסיש א'...מחמת
אין בּרירה,,, ארז, קמ, l867 32, No. ,,יעדן
פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט פֿלעגט די זקנה א
אַרײַנ,
זעצו [אי] קאָפּ אין אַ מולטער מיט הייס
וואַסער,,; ,,מחמת פֿורכט עפֿענען זיי נישט
די מײַלער און ענטפֿערן אָמן א‘‘', בּאַש, tטן
פֿון גאָרײַ.
איבּער דאָס — פֿראַזע. צו־להכעיסדיק אָדער
שפּאַסיק, שפּילעוודיק ווי אַן ענטפֿער אויף
דער פֿראַגע: איבּער וואָס? בּ: אָט סתּם אַזוי
זיך, אַזוי וויל איך אע.
איבּערדאָסן — אוטוו & טרוו. דאָס איבּער,
~געדאָסט. גראָבּ. 1. דאָסן צו פֿיל אָדער
ווידער, נאָכאַמאָל. 2. בּמקום־ווערבּ פֿאַר
איבּערמאַכן, ווען פֿאַרריכטן און דערבּײַ קאַליע

(שלעכט) מאַכן. „ווער האָט דיך געבעטן א'? פֿריִער האָט זיך עס געהאַלטן, איצט פֿאַלט עס“, רייד.

איבערדאַרן — אוטוו. דאַר איבער, ~ געדאַרט. ווערן אינגאַנצן דאַר, טרוקן. „לאָז ניט דאָס ברויט אויפֿן טיש, עס וועט א'. לייג עס אַרײַן אין ברויטקעסטל“, רייד.

איבערדברן — [...דאַבערן] טרוו. דבר איבער, ~געדברט. 1. איבעררײדן, איבערשפּאַרן, גובֿר זײַן מיט רייד, מיט ראַיות (בײַ אַ וויכּוח, בײַם אַרגומענטירן). ל2. “דער פֿראַנצויזישער געזאַנדטער אין רוים האָט איבערגענומען איבערצודברן דעם אַלטן הייליקן פֿאָטער, ער זאָל זיך צולאָזן צו אַ פּשר„, קמ, 46 1866, No.

2. דזוו ב1, מיט ביטול. „אונדזער דור איז דאָך אַזאַ צעפּלאַפּלטער...דיבורים אָן אַ שיעור ...יעדער איינער וויל א, דעם אַנדערן“, צײַט, טמז, 4 l957 X. „האָט ער זיך שפּעטער געלאָזט א, פֿון...“, ד. פֿלינקער, טמז, 5 1960 III.

3. (מיט ביטול) נאָכריידן, נאָכזאָגן, איבערזאָגן. „אַליין פֿאַרשטייט ער גאָרניט, ער קען נאָר א, וואָס ער הערט פֿון אַנדערע“, רייד.

4. (גוטמוטיק) איבערשמועסן. „מע דאַרף די זאַך נאָך א', איידער מע נעמט זיך צום בויען„,

רייד. 5. אין פֿאַרשטעלטן לשון אַנשטאָט
ריידן אָדער איבעררײדן. ־ניש.

-

איבערדבֿרן — [...דע'ווערן, פּד — לאַנגע ע]
דבֿר איבער, ~געדבֿרט. פּפֿ: ~דייווערן (←).
איבערדודען — טרוו. ־דע איבער, ~
געדודעט. 1. שפּילן אויף אַ דודע נאָכאַמאָל. א,
אַ ניגון. 2. דודען צו פֿיל, אַ סך אָדער ביזן
סוף. א, אַלע ניגונים וואָס מע קען.
איבערדויערן — ־ער איבער, ~געדויערט.
אוטוו — האָבן אַ קיום אַ לאַנגע צײַט. „דער
פּאַלאַץ...האָט איבערגעדויערט גאַנצע צוויי
יאָרהונדערטער„„ י. שיפּער, טאָז, וואַרשע 1930,
No 43.
אַקוזוו — אַריבערטראָגן שלעכטס און
דערלעבן (אַ ביסל) בעסערס. א, די מלחמה. „ייִדן
האָבן איבערגעדויערט 18 הונדערט יאָר פֿון
נע־ונד זײַן“, רפֿאל מאַהלער, גק, 1955. “דער
ווילן אויפֿצוהאַלטן...דעם איינהייטלעכן
אויסלייג האָט איבערגעדויערט די מלחמה“, מוו,
ייִשפּ XIX, 2. ־ונג.

דולדיקט. אויך: ~דולדן. אויסהאַלטן,
אַריאיבערדולדיקן — טרוו. ־דיק איבער, ~

געבערטראָגן מיט געדולד. א, אַלע צרות און
פֿאַרדראָסן.
איבערדונערן — ־ער איבער, ~געדונערט.
אוטוו — 1. ווידער דונערן אָדער מאַכן אַ
שטאַרקן ליאַרעם. ס'ווערט באַלד א'. 2.
דונערן און אויפֿהערן. עס האָט שוין
איבערגעדונערט און איבערגעבליצט. טרוו — ווידער
אַרויסברענגען עפּעס זייער הויך, בייז. א אַ
,
באַפֿעל. אויך מיט ז י ך.
איבערדורותדיק — [...דוירעס...] אַדי. וואָס
איז איבער (אַ צאָל, אַלע) דורות; וואָס ציט
זיך במשך פֿון אַ סך דורות. „די אייביקע,
נישט נאָר די איבערפּאַרטייאישע, נאָר אויך
איבערצײַטלעכע, די א'ע אינטערעסן פֿון אַן
אייביקער אומה“, צײַט, 8 1965 I. ־יקייט.
איבערדושען — טרוו. ־שע איבער, ~
געדושעט. סל. דערשטיקן אַ צאָל, אַלע. דער טכויר

האָט איבערגעדושעט אַלע הינער.
איבער די אויערן — פֿראַזע. ← אויער,
389 ג. אינגאַנצן, (מיט) דעם גאַנצן קערפּער,
איבערן קאָפּ. צו פֿיל. „בײַ איר אין שטוב
— שמוץ ביז א, ד, א'“, רייד. אַרײַן (
פֿאַרקריכן) אין אַ טוואַן ב י ז א, ד, א'. „גייט אַרויס
פֿון דער שמוציקער בלאָטע וואָס איר זענט
אַרײַן אין איר ביז א, ד, א'“, ר, בנציון
מישנאַייעווסקי, תּורת ציון, ווין 1923. „און ווען
ר, מרדכי האָט זי געפֿרעגט, אויב זי וויל אים,
איז זי א, ד, א, רויט געוואָרן„, יהל, די
קאָלאָניסטן II, וואַרשע 1899. *פֿאַרקריכן אין חובֿות
א, ד, א, = ווערן אַ גרויסער בעל־חובֿ.
*פֿאַרליבן זיך א, ד, א, = פֿאַרליבן זיך זייער
שטאַרק. „ער האָט זיך פֿאַרליבט אין מרימען
א, ד, א', דאָס זעלביקע זי אין אים איבערן
קאָפּ“, ג. ח. לעוונער, דער סאַמאָוואַר, ווילנע
1900. „דער מלמד — אַ קבצן א, ד, א, און
קינדער אַ גאַנצן טוץ“, מ. ב. זאַביעזענסקי, די
שווערע צײַט I, וואַרשע 1887.
איבערדיאַלעקטיש — אַדי. וואָס איז ניט
פֿון (האַלט זיך ניט בײַ) אַ באַשטימטן
דיאַלעקט; וואָס איז איבער (בײַ) אַלע דיאַלעקטן.
ליטעראַריש. רײדן א', אויף דער כּלל־שפּראַך.

,,נאָר אין אַזאַ פֿאַל קען דער גראַם זײַן א',,,
נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 4. ,,די אַלע אַנדערע
וואַריאַציעס פֿון פֿאָרמען זײַנען א,“, ימ, ייִשפּ XXI,
2. ־קייט — ,,איז דען ייִדיש ניט געווען
קיין נאַציאָנאַלער כּוח אָן דער א, פֿון
מענדעלעס שפּראַך?,,, ימ, קוד, 1943.
איבּער די בּאָרד — ← איבּער דער בּאָרד.
,,אַז איינער האָט פּרנסה בּשפֿע הייסט עס:
ס'רינט אים אַזש א, ד, בּ'“, יע,
וואונדעראוצר....
איבּערדיבּורן — [...דיבּערן] דזוו
איבּערדבּרן ←.
איבּער די הײַזער — פֿראַזע. מיטן ווערבּ
ג י י ן. (אַרומגיין) פֿון הויז צו הויז
בּעטנדיק נדבֿות. שפּאַסיק, מיט אַ תּפֿילה־ניגון:
,,מיט אַ סאַמעטענער טאָרבּע — א, ד, ה'!,,
(ווילנע). ,,דער וואָס גייט מיט אַ פּוסקע [=

פּושאיבּערדיכטן

־

קע] א, ד, ה, האַלט זיך פֿיל געהויבּענער פֿאַר
דעם וואָס שטעלט אָן אַ הוילע האַנט,,, אמד,
עוזר צינקעס און די ציג, ווילנע 1868. ,,...האָבּן

זיי אײַנגעלאָזן די אַלע גליקן פֿון עולם־הזה
און זיי זײַנען געגאַנגען א, ד, ה'“, הרבֿ שמואל
קלונימוס אײַזינבוד, אמרי שמואל, ח“ג,
וואַרשע 1912. איבער־(די־)הײַזער־גייער
— „די טעג־עסער און די איבער־הײַזער־גייער
זײַנען נאָר פֿרעמדע“, אמד, שעפֿקע דער
יאַנציצער אָרעס בחור, ווילנע 1872.
איבער די הענט — פֿראַזע. 1. ס'איז
שווער זיך צו ספּראַווען, אַלץ אָפּצוטאָן. א, ד,
ה, מיט אַרבעט. 2. באַשטראָפֿט מיט אַ פּאַטש,
אַ קלאַפּ איבער די הענט. „אַז מע האָט
לאַנגע הענט [= מע האָט אַ טבֿע צו גנבֿענען],
קריגט מען א, ד, ה'“, שוו. „מע דאַרף די
קינדער אָנלערנען פֿאַרן רירן אַלצדינג, מע
דאַרף אַמאָל געבן א, ד, ה',,, רייד. פֿ□־גל
איבער די פֿינגער.
איבער די וואָנצעס — פֿראַזע. דזוו איבער
די אויערן. שפּאַסיק פֿאַרקריכן אין בלאָטע

.

א, ד, וו'. “טײַבעלע האָט זיך פֿאַרשעמט. זי
איז רויט געוואָרן ביז א, ד, וו', שטייענדיק
פֿאַרן גבֿיר“, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה...,
ווילנע 1865.
איבערדייבערן — טרוו. ־ער איבער, ~□ □

עדייבערט. דזוו איבערדברן. ,,ער וואָלט מיך זיכער איבערגעדייבערט, ער האָט שוין אַזאַ כּוח געהאַט יעדן איבערצודייבערן‟, פּרץ, ,עלנט'.

איבערדייווערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געדייווערט. 1. גובֿר זײַן, איבערשטאַרקן, בײַקומען; אײַנברעכן, אויסמאָרען. א, דעם י□ רהרע. ,,האָט זי איבערגעדייווערט אין זיך די לוסט צו רעדן לשון־הרע,,, באַש, פֿאָר, 17 □ 1958.

איבערדײַען — טרוו. איץ, אימפּ נב; ~ געדײַ(ע)ט. דזוו פֿאַרדײַען. ,,דער מאָגן זײַנער איז זייער געזונט און אָן בראַנפֿן וואָלט ער נאָך בעסער און קרעפֿטיקער איבערגעדײַט דעם עסן,,, דער מענשענפֿרײַנד, נ״י 91־24 1889, No.

איבער די כוהות — פֿראַזע. מער ווי מע קען, מער ווי מע איז אין שטאַנד. האָרעווען, טאָן (זיך אָנשטרענגען) א, ד, כּ'. לאָזן זיך קאָסטן א, ד, כּ'. ,,מען איז אימער געוואוינט צו טאָן אַ שידוך א, ד, כּ', און מע שטעלט זיך גאָר דערבײַ בדלי דלות,,, אמד, דבֿרי יושר, ווילנע 1863. ,,יעדער וועט אַרבעטן, אָבער ניט א, ד, כ,,,, ש. פּעסקין איבז, ניעדער מיט די סאָציאַליסטען, נ,,י 1895.

איבערדיכטן — טרוו. דיכט איבער, ~

געדיכט. (אויך: ~די'כטן, נר). 1.
איבערמאַכן, איבערשאַפֿן אין אַ פּאָעטישער פֿאָרעם.
א, עפּעס וואָס איז געשריבן אין פּראָזע. א,
אַ לעגענדע. א, די פּראָזאַאישע ווירקלעכקייט
אין גאָלד פֿון פּאָעזיע. 2. איבערזעצן אַ
פּאָעטיש ווערק און זײַן דערבײַ דער
מיטשאַפֿער. א, אויף ייִדיש די פּאָעזיע פֿון ספֿרד.
,,ווען איינער וויל א, די ביבל, דאַרף ער
טאַקע פֿאַרמעסטן זיך מיט איר
קינסטלערי—...
שער מײַסטערשאַפֿט", שנ, ה. לייוויק. ,,שיין

איבער די מאָס

איבערדיכטעט פֿון זיי און יענעמס געדאַנק
אָפּגעהיט", אַר, י. קיסין'. 3. איבערשאַפֿן.
,,גאָט וואָלט שוין געמעגט א, די וועלט,,,
רייד ־ונג — ,,אַן אייגענע פֿרײַע א',,, נחום
.
באָמזע. ,,אָט קומט די איבערשמעלצונג, די
א, פֿון י. י. שוואַרץ", קאָר I. ־ער —
,,י. ל. פּרץ...דער גרויסער א, פֿון דער
ייִדישער פֿאָלקס־מעשׂה", מוק, מײַנע באַגעגענישן.
איבער די מאָס — ← איבער דער מאָס.

איבערדינגען — טרוו. דינג איבער, ~ געדונגען. 1. נאָכאַמאָל, ווידער דינגען. א, די דירה אויף נאָך אַ חודש. 2. פֿאַרדינגען, איבערגעבן. א, די קראָם אויף אַ גאַנץ יאָר. 3. געבן אַ העכערן פּרײַז בײַם דינגען (זיך). א, דעם קאָנקורענט. א, די סחורה. „אַלע מיטלען זײַנען אויך בײַ די דאָזיקע גרויסע לײַט געווען כּשר. מע האָט איבערגעקויפֿט און איבערגעדונגען“, זש, טמז, 4 .5 IX 1965. דינגען אַ סך אָדער ביזן סוף.

מיט ז י ך — 1. דינגעו זיך אַ לענגערע צײַט. פּרוּוון דורכקומען אויף אַ פּרײַז וואָס לוינט זיך בעסער. 2. ווידער זיך אָנדינגען. „מאַכט [ער] אַ פֿאָרשלאָג אַז איך זאָל פֿאָרן אויפֿן זאַוואָד א, זיך„, י. קאַצאָוויטש, 6o יאָר לעבן. ־עכ. ־עניש.

איבערדינען — אוטוו. דיו איבער, ~געדינט. [לאַנגע י אין פּד.] 1. דינען צו אַ סך אָדער צו פֿאַרשיידענע (געטער, האַרן אע) [אָביעקט אין דאַטיוו]. „שוין איבערגעדינט בײַ גענוג חזירשע מאַדאַמען, אָבער אַזאַ שלאַק ניט באַגעגנט„, רייד. „מאַלפּע, שלאַנג, קראָקאָדיל, קאַץ — צו וועלכע דער מענטש האָט אַלץ איבערגעדינט ווי צו געטער„, ח. ליבערמאַן,

פֿאָר, 1958 ◻ 28. *א אַלע עבֿודה־זרות (ווי
,
יתרו) = פֿאַנאַטיש דינען צו פֿאַרשיידענע
שיטות, פֿאַרטייען און בײַטן גלייבונגען. ,,
איבערגעדינט, ווי עס רעדט זיך, אַלע
עבֿודהזרהס'', שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס. 2. דינען
לענגער, מער, ווי באַשטימט. ''שוין אָפּגעדינט
מײַנע פֿינף יאָר. איז געקומען די מלחמה
און איך האָב געמוזט א, נאָך אַ פּאָר יאָר'',
רייד. 3. אָפּדינען און פּטור ווערן. ,,וואָלט
איך שוין געוואָלט א, מײַן סראָק!'', רייד.
איבערדי'נען — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~די'נט.
אַרכ. איבערציִען מיט אַ דינער שיכט פֿון אַ
מעטאַל. ,,[הפּסל] דאָשׂ בילד...דער גאָלד שמיד
מיט גאָלד איבּר דינט'', סהמ, ישעיה, מ, 19.
איבערדיסטילירן — טרוו. ־ליר איבער, ~
דיסטילירט. דיסטילירן אויפֿסנײַ, אויף אַן אַנדער
(נײַעם) אופֿן. א, דאָס שלעכט־דיסטילירטע
וואַסער. ־ונג.
איבערדיסקאָ'נט — דער, ־ן. צווייטער
דיסקאָנט. דיסקאָנט אויף אַ דיסקאָנטירטן וועקסל,
ווערטפּאַפּיר. ,,דו האָסט פֿונאַנדערגעוויקלט דײַן
אַרבעט לויט דער ליניע פֿון דיסקאָנט און א',,,
ש. גאָדינער איבן, צעמענט.

איבּערדיסקאָנטירן — טרוו. ־טיר איבּער,
~(גע)דיסקאָנטירט. דיסקאָנטירן וואָס אַיז שוין
געווען איין מאָל (פֿריִער) דיסקאָנטירט. "

914און

דזער פֿאָלקסבּאַנק האָט די דיסקאָנטירטע
וועקסלען פֿון איר פּאָרטפֿעל איבּערדיסקאָנטירט אין
צענטראַל־בּאַנק". ,,יעדע ליַי־ און שפּאָר־קאַסע
קאָן מאַכן הלוואות אין בּענק, אינסטיטוציעס
און בּיַי פּריוואַטע פּערזאָנען, און פֿון דעם
איז שוין קלאָר אַז זי קאָן א, אירע התחייַבֿותן
אָדער וועקסלען", בּ. האַלפּערן, אַ האַנטבּוך...
פֿון אַ פֿאָלקסבּאַנק, ווילנע 1922. ־ונ.
איבּערדיסקוטירן — טרוו. ־טיר איבּער,
~דיסקוטירט. 1. דיסקוטירן נאָכאַמאָל,
ווידער (אויף אַן אַנדער אופֿן). א, די פֿראַגע
אויף דער צווייטער פֿאַרזאַמלונג. ,,מע פֿלעגט
אַרומריידן און א, (וועגן) אַלע מאָסמיטלען
וועלבע מע מוז אָננעמען,,, פֿגעז, פּאַריז 7 l948, No.
2. דיסקוטירן אַ לענגערע צייַט אָדער בּיזן
סוף. א, די זעלבּיקע שווערע פּראָבּלעם. ־ונג.
איבּער די פּיאַטעס — פֿראַזע. אויך: (
גוזמאדיק) ניט־טיף; נידעריק. ,,דער גאַנצער ט ך

איז נאָר בּיז א, ד, פּ'.. „דאָס בּרויט אין פֿעלד איז א, ד, פּ"..

איבּערדיפּלאָמאַטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער, ~דיפּלאָמאַטעוועט. איבּערשטײַגן דעם צווייטן צד בּײַם פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען.

איבּערכיטרעווען מיט לײַטישע רייד. „ער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, ער האָט געקענט א, אַפֿילו די וואָס האָבּן געוואוסט אַז מע דאַרף זיך היטן פֿאַר אים", רייד.

איבּער די פֿינגער — פֿראַזע־ פֿרגל איבּער די הענט. מיט די ווערבּן קריגן, געבּן, דערלאַנגען = בּאַשטראָפֿן, אָפּהאַלטן, צוריקשטויסן. „אַז מען איז אַ נאַשער(קע), קריגט מען א, ד, פֿ"", שוו. „געבּן (דערלאַנגען) א, ד, פֿ', אַז מע זאָל געדענקען בּיז די נײַע בּעזעמער", פֿוול.

אי'בּערדיק — אַדי. דזוו איבּעריק (←.).

„תּשעה־בּאָבֿ זאָגט ער נאָר די ציונס, די א'ע קינות געפֿעלט אים ניט דאָס לשון", דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

טירט. ▯טירן

— טרוו ־טיר איבּער, ~

דיק. דיקטירן נאָכאַמאָל. א, די לעצטע

איבּערדי .

עטלעכע זאַצן. 2. דיקטירן אַ סך. ־ונג.
איבּער די קני — פֿראַזע. דזוו איבּער די
פּ אַטעס (מיט אַ בּיסל ווייניקער גוזמא). שטעקן
י
אין שמוץ א, ד, ק,. אויך מיטן ערשטיקן בּ:
טראָגן אַ קליידל בּיז א, ד, ק'.
איבּערדיריגירן — טרוו. ־גיר איבּער, ~
דיריגירט. נאָכאַמאָל (אויף אַן אַנדער אופֿן)
דיריגירן. א, אַ סימפֿאָניע.
איבּערדישען — ־שע איבּער, ~געדישעט.
סל. ל2. טרןו — דזוו איבּערדושען ←. אוטוו
— אָפּכאַפּן דעם אָטעם. לאָזן עמעצן א, אַ
ווײַלע. אויך מיט ז י ך.
איבּערדעבּאַטירן — טרוו. ־טיר איבּער,
~(גע)דעבּאַטירט. נאָכאַמאָל (אויף אַן אַנדער
אופֿן) דעבּאַטירן, אַרומרעדן (פֿירן אַ וויכּוח
וועגן) אַן ענין פֿון אַלע זײַטן. א, די זעלבּיקע
פֿראַגע. ־ונג.
איבּערדעוואָניש — אַדי. (געאַלאָגיע) וואָס
איז פֿון אָדער האָט אַ שײַכות צו אַ צײַט וואָס

איבּער דעם שיעור

איז עלטער ווי די דעוואָנישע תּקופֿה אין דער
פּאַלעאָזאָאישער ערע. א'ע עפּאָכע. א,
שטיינערפֿורעמונג.

-

איבּערדעזינסיצירן, ~דעזינסעקטירן —
טרוו. ־ציר, ־טיר איבּער, ~דעזינפֿיצירט, ~
דעזינפֿעקטירט. נאָכאַמאָל (אויף אַן אַנדער אופֿן)
דורכפֿירן דעזינפֿעקציע. א, די צימערן, די
זאַכן אע ־ונג.

.

איבּערדעזשורירן — אוטוו. ־ריר איבּער,
~דעזשורירט. פּפֿ: ~דיזשורירן. 1.
האַלטן דעזשור, וואַך (נאָכאַמאָל). א, פֿאַרן
דורכפֿירן שלעכט די דעזשור. 2. דעזשורירן אַ צײַט
אָדער בּיזן סוף. א, בּײַם קראַנקן אַ גאַנצע
וואָ

איבּערדעכען — אוטוו. ־כע איבּער, ~
געדעכעט. 1. אָפּרוען אַ בּיסל. א', אָפּכאַפּן דעם
דעך, דעם אָטעם. 2. איבּערבּלאָזן,
איבּערהוקען. מאַכן אַ פּאַרע מיטן אָטעם. א, איבּער
אַ שפּיגל און אים גוט אַרומווישן.

איבּערדע'ם — אַדוו & קאָנ. דעריבּער,
דערפֿאַר. „בּשעת די חנוכּה־ליכט בּרענען, טאָר
מען ניט קיין הנאה האָבּן פֿון זיי. א, מוז
מען אָנצינדן נאָך אַ ליכט. דאָס רופֿט מען
דעם שמשׂ“, דרך אָדם, וואַרשע 1860. „דאָרטן
איז אַ רוח רעה, מע מוז א אָנזאָגן די
דאָרפֿס,
לײַט, אַז זיי זאָלן ניט האַלטן קיין בּולבּעס
אונטערן בּעט„, חא, לג/ב. „מצער צו זײַן
אַ בּעל־חי איז אָסור מן התּורה. א, דאַרף
מען זייער נזהר זײַן...זיי נישט מצער צו זײַן
מיטן עסן„, ר, יצחק האַמבּורגער איבּז, פּלא
יועץ, ווילנע 1898. „ייִדן זענען לײַדער נישט
געוואוינט צו אָרדענונג. דער עול פֿון...
אָרדענונג קומט זיי א, שווער אָן“, ראובֿן בּרײַנין,
דער שטראַל, לעמבּערג 1904, No 2. „א, וואָס
ער האָט ניט געקענט קומען, איז דער גאַנצער
ענין בּטל געוואָרן„, רייד.
איבּער דעם — פּרעפּ. איבּער & אַרטיקל דעם.
איבּער דעם טיש איז אויסגעשפּרייט אַ טישטעך.
פֿליִען איבּער דעם דאַך. „....דז זיא די עשׂן ניט
טאַדלן א, ד, טיש“, בּראַנט, פּרק מד.
איבּערדעמאָנסטרירן — טרוו. ־ריר איבּער,
~דעמאָנסטרירט. 1. ווײַזן פֿונדאָסנײַ,

נאָכאַמאָל. א, דעם פֿיל(ע)ם. א, די נײַסטע פֿאַסאָנען. 2. צו פֿיל, צו שרײַאיק, איבער דער מאָס דעמאָנסטרירן. „די סטודענטן האָבן איבערדעמאָנסטרירט זייער אומצופֿרידנקייט מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון אוניווערסיטעט“, רייד. ־ונג.

איבערדעמפֿן — טרוו. דעמף איבער, ~ געדעמפֿט. 1. צו לאַנג דעמפֿן, טושען. א, דאָס פֿלייש עס זאָל זײַן האַלבֿ־פֿאַרבֿרענט. 2. נאָכאַמאָל, אויפֿסנײַ דעמפֿן. א, דאָס פֿלייש, וואָס איז נאָך האַלבֿ־רוי. ־עכ􏰀ן. ־עניש.

איבער דעם שיעור — [...שיִער] פֿראַזע. דזוו איבער דער מאָס. לערנען א, ד, ש'. „ייִדן וויסן ניט פֿון מאָס און צײַט. ענטוועדער מען איז גאָר אינגאַנצן אַ ליידיקגייער אָדער מען אַרבעט א, ד, ש'„, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878.

איבערדענקען

אי'בערדענקען — טרוו. דענק איבער, ~ געדענקט (אַרכ: ~דע'נקען). 1. איבערטראַכטן, דענקען וועגן אַן ענין נאָכאַמאָל (מיט אַן אַנדער צוגאַנג). א אַן ענין, אַ שווערע פּראָבלעם.

,

„איבּר דענקט דיא טעג פֿון דיא וועלט, טוט
פֿר שטין דיא יאַרן פֿון אַלי (דורות)“, שאַר,
הקדמה. „נאָר דער מאַטעמאַטיקער־פֿיזיקער פֿון
פֿאַך קען א', אָפּשאַצן און פֿילן דעם תּענוג
הרוח פֿון דער נײַער וועלט־געבײַדע„, נוטנ.
2. אָפּזאָגן זיך פֿון פֿריִערדיקן געדאַנק,
שטאַנדפּונקט און פֿונדאָסנײַ באַטראַכטן. (אידעאָלאָגיש)
חרטה האָבן. א, די שטעלונגען פֿון דער פּאַרטיי.
3. אוטוו. זאָרגן זיך. „וואו ביסטו געווען?
מיר האָבן שוין איבּערגעדענקט וועגן דיר„,
דיין.
מיט ז י ך — זיך באַטראַכטן; זיך מיישבֿ
זײַן. זיך פֿאַרטיפֿן אין אַ רעיון. „מע דאַרף
זיו צו א, וואָס איז דען דער גאַנצער מענטש“,
ר, חיים האַמבּורגער איבּז, ׳יח יצחק,
לעמבּערג 1876. “זאָל ער זיך א, און קומען מיך
זען אין אַ פּאָר חדשים אַרום“, פֿאַר, 17 ׳ 1964 I.
־ונג — „דשׂ איבּר דענקונג פֿון דיא אַלטי
צײַטן בּרענגט דען מענש גרושׂי נוצן צו“,
שאַר, הקדמה. ־עניש.
איבּערדעק — די, ־ן. 1. קאָלדרע אָדער
טוך איבּערצודעקן זיך בּײַם שלאָפֿן. אַ שווערע
(לײַכטע) א'. „צמיד פּתיל עליו (בּמדבּר, יט,
15)...בּלשון אַשכּנז אובּר דיק„, אבֿ, ספֿר

מתּורגמן, איזנה ש"א [1541], קכב/א. ,,האשׂטו דשׂ
איבּר דעק אויף גידעקט וואשׂ מיר זיך מיט
אַנדר הובּן צו גידעקט", סהמ, ישעיה, נז,
8. 2. לאַנג און בּרייט שטיק שטאָף, או□ף
צוצודעקן אַ פֿאַרבּעטע בּעט. אַ טײַערע א, □ פֿון
שפּיצן. 3. דזוו איבּערדעק, דער, בּב 2□3.
איבּערדעק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבּערדעקן. ,,דער א, קען ניט געמאַכט ווערן פֿון
הײַנט אויף מאָרגן", רייד. 2. דאָס מיט וואָס
מע דעקט איבּער. א'־געוועבּן פֿון אַן אָרגאַן
אין קערפּער. פּאַפּירענער א'. אַן א, פֿון שינר
לען. 3. ספּעצ. טשעכאָל, איבּערצי איבּער
מעבּל. אַ נײַער א, פֿאַרן פּאָטערשטול. ,,די
קאַנאַפּע וועט זײַן אָנגעטאָן אין אַן א',,, רייד.
4. דזוו אייבּערדעק □..).
איבּערדעקאָרירן — טרוו. ־ריר איבּעו, ~
דעקאָרירט. איבּערפּוצן, דעקאָרירן נאָכאַמאָל (
אַנדערש). א, דעם זאַל. ־ונג.
איבּערדעקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבּערדעקן (זיך). אַן א, פֿון
פֿאַרבּ, דאָס אײַזן זאָל ניט ראָסטן. דרויסנדיקע
א, בּײַ אַ פֿלאַכן שיבּער (טעכניקום, ווילנע).
איבּערדעקלאַמירן — טרוו. ־מיר איבּער,

~דעקלאַמירט. דעקלאַמירן פֿונדאָסנײַ,
נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן. פֿײַערלעכער א,
דעם שיר. ־ונג.
איבֿערדעקן — טרוו. דעק איבֿער, ~געדעקט.
1. אויסלייגן, אַרויפֿלייגן עפּעס פֿון אויבֿן.
א, טייג מיט אַ קישן. א, די סאָפֿע מיט אַ
ריינער איבֿערדעק. א, די סחורה מיט אַ
ראָגאָזשע. א, די שיסל מיט אַ טעלער. א, דעם
סדר־טיש מיט נאָך אַ טישטעך. „איינע פֿון די

91]

הינער מיט אַן איי פּאַדעט, קוואָקעט...וויל זיך
לייגן, און נישטאָ ווער זאָל א, זי מיט דער
זיפּ, ווי געווײנטלעך“, ממוס, ספֿר הבהמות.
*א אַ מת = (אַר)אָפּהייבֿן פֿון געלעגער אויף
,
דער ערד און אַרויפֿלייגן אַ לײַלעך (←. בֿ3).
2. ספּעצ פֿאַרדעקן אַ טייל פֿון קערפּער.
.
א, די האָר מיט אַ נעץ. „דעק איבֿער די
האָר מיט אַ טיכל, איידער דו גייסט אין (צו)
מאה שערים“, רייד. „מן זאָל קיין קינד אום
טראָגן גאַקיט...מן זאָל אין...איבֿר דעקן, דא

מיט דז עז ניט זאָל ווערדן אַן גיזעהן מיט איינם ביזן אויג,,, בראַנ▯ו. ,,אַז איינער פּירט זײַן קינד אויף דעם מאַרק און ער וויל מע זאָל אים קיין עין־הרע ניט געבן, זאָל ער א, מיט אַ מאַנטל זײַן קאָפּ, דאָס קיין שלעכט אויג זאָל אויף אים ניט קוקן,,, נצ2. ,,און ער מאַכט זיך לאַנגע קליידער און דעקט איבער זײַן פּנים מיטן טלית, מע זאָל מיינען, ער דאָוונט בכּוונה,,, לט2, ק/א. ,,איך וועל מיך א, מיטן טלית איבערן קאָפּ און בעטן רחמים: געלט, רבונו־של־עולם, געלט!,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. אויך פּ י ג. ,,טו אָפּ פֿון דײַן האַרץ די דעק פֿון דעם יצר־הרע וואָס ער האָט איבער דיר איבערגעדעקט" חה, ב, רד. *א, דעם קאָפּ = חתונה מאַכן [ווײַל אַ חתונה־געהאַטע טאָר ניט ווײַזן אירע אייגענע האָר]. ,,אַ בוגרת פֿון איבער צוואַנציק. צײַט איר א, דעם קאָפּ,,, רייד, (←. ב▯).

3. צודעקן, פֿאַרדעקן עפּעס (בשײַכות מיט דינים, פֿירונגען). א, די חלה מיט אַ טישטעכל, צוועלכן. [טעמים: א) די חלות זײַנען אַ זכר אויפֿן מן וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט טוי; ב) די חלות זאָלן ניס פֿאַרשעמט ווערן וואָס מע מאַכט קידוש ניט איבער זיי, נאָר

איבער ווײַן (שולחן־ערוך, אורח־חיים, סימן
רעח)]. „מע געהער נזהר צו זײַן, אַז מע זאָל
[נישט] א, מיט אַ פֿאַטשיילע איבער דעם
גאַנצן כּוס, וואָרעם דאָס הייסט ער מאַכט אַן אוהל
אום שבת, רק ער זאָל לאָזן אַ ביסל נישט
צוגעדעקט„, ספֿר שולחן־ערוך, חלק א, [זשאָלקעוו,
אָנהייב 19. י״ה?]. „מע מעג א אַ לעכט מיט

,

אַן ערדענע שיסל כּדי דאָס פֿײַער פֿון דער
לעכט זאָל זיך ניט אָנכאַפּן אין באַלקן“, תּקוני
שבת, אוסטרהא, 1818.

4. נאָכאַמאָל באַדעקן, צודעקן מיט נאָך עפּעס.
א, דאָס קינד מיט נאָך אַ קאָלדרעלע.

5. אַראָפּנעמען אַן איבערדעק און דעקן
פֿונדאָסנײַ. „תּיכּף נאָך שבֿועות שטעלט ער זיך
א, דעם דאַך„, שע□ מע□tזיות פֿאַר ייִד, קינדער
II. „דעם דאַך האָט ער איבערגעדעקט, קען אויך
באַטרעפֿן 75 רו„כּ„, קמ, 6 1868, No.

6. פֿאַרדעקן מיט אַ פֿליסיקייט. „דאָס
געוויסער האָט איבערגעדעקט אַפֿילו די שטיינער
פֿון הויכן ברעג“, רייד. „נעמען נעגעלעך...
און אויף דעם געבן י„ש חזק (אָקוויט), עס
זאָל א, די נעגעלעך. עס זאָל אַזוי שטיין צוויי
שעה„, א. שפּערלינג, ליקוטים II (טעמי

המנהגים), לעמבערג תּרס"ט.

7. ווידער, אויפֿסנײַ (אויף אַן אַנדער אופֿן) דעקן דעם טיש צום עסן. א, דעם טיש, צושטעלן נאָך גלעזער, צוגעבן צו נאָך אַ גאָפּל...

איבעררערלאַנגען

-----.

8. (קאָרטנשפּיל) שלאָגן מיט אַ גרעסערער קאָרט אָדער מיט טרומף. א, דעם צענטל מיט אַ טויז.

אָפּט מיט ז י ך. א, זיך [פֿאַרדעקן] דאָס פּנים מיט די הענט בײַם בענטשן ליכט [טעם: מע צינדט ליכט, ווען עס איז נאָך ליכטיק און מע מאַכט די ברכה ווען עס איז נאָך בין־השמשות, און יעדע ברכה מאַכט מען געוויינטלעך איידער מע טוט די מצווה, ספֿר מטעמים, לאָדז, יאָר]. „וועט הײַנט, אַזוי ווי תּמיד, א, זיך מיט דעם...טלית...און מיט גדלות זיך אַ שסעל טאָן פֿאַרן...עמוד„, הר, הרודעס. „אויפֿגעמאַכט דעם מחזור, אויפֿגעמישט די תּפֿילה זכּה, איבערגעדעקט זיך מיטן טלית", נ. הורוויץ, איק, פּסח תּשכ"ה. א, זיך מיט דעם טירל פֿון טאַנק.

־עכ▯ן. ־עניש.
איבערדעקע — די, ־ס. דזוו איבערדעק.
„[ז▯] האָט גענומען צו רעכט מאַכן די א'ס
אויף די גלעגערס“, חג, טמז 1958 III▯ l5.
פֿון אונטער דער דיקער רויכיקער א, האָט
”
אָנגעהויבן שווער אַרויסקריכן מירקע„, מ.
ריבֿקין, וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.
איבער דער באָרר — פֿראַזע. זייער אַ
סך, איבערגענוג, בשפֿע. געוויינטלעך מיטן ווערב
ר י נ ע ן. „סע זאָל אַזש רינען א, ד, ב„„,
ייִל, דאָס משלחת. „אויב עסן חזיר — זאָל
רינען א, ד, ב'„, פֿוול. אויך: א, די ל י פּ ן.
איבער דער ברייט — אַדוו פֿראַזע. א, ד, ב,
פֿון גאַס. „...„דאָס פֿוטער־געשעפֿט, וואו א, ד, ב,
פֿון פֿענצטער איז געווען אויסגעד▯.קט מיט
גאָלדענע אותיות...„, אָפּאַ, 'אָפּגענאַרט זיך'.
איבער דער גאַל — פֿראַזע. געוויינטלעך
מיטן ווערב ג י י ן. „עס גייס א, ד, ג, —
ס'עקלט, ס'דערווידערט“.
איבערדערוויילן — טרוו. ־ווייל איבער,
~דערווײלט. אויפֿסנײ דערוויילן, אויסקלײַבן
אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכן אָדער מלוכהשן אַמט

אע. א, דעם פּרעזידענט אויף אַ צווייטן טערמין.

איבּער דער טבע — [...טעווע] פּראַזע.
1. איבּער די געוויינלעכע כּוחות. „ס'איז אים א, ד, ט, זיך אַקעגנצושטעלן אירע פֿאַרלאַנגען“, רייד. 2. קעגן ווילן. „עס איז מיר א, ד, ט, אַז מײַנס אַ זון זאָל זיך פֿאַרבּינדן מיט אַ טאָכטער פֿון אַזאַ אַסימילירטער פֿאַמיליע,,, טמז, 3 .29 III 1965. [אין לד נ] מיט ז ײַ ן & ו ו ע ר ן. ס'איז עקלדיק, דערווידער. „גיט ער אײַך אָפּ צוריק און זאָגט אַז מע דאַרף גאָרניט. ווערט אײַך א, ד, ט', גיט איר אים שוין אַן אַנדער מטבּע“, שע, פֿונעם יאַריד. „,...אַזש עס איז געוואָרן אים א, ד, ט, און [ער] האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן,,, מ. דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 15 XI 1964.
איבּער דעריבּער — קאָנ. לד. וורר. פֿטמ. ווײַזט אויף סיבּה, גרונד. דזוו דעריבּער; דער פֿאַר, צוליבּ דעם אע. „א, ד, גייען קאַטשקעס בּאָרוועס און גענדז אָן פּלודערן,, פֿוול.

איבּערדערלאַנגען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ;

~דערלאַנגט. 1. צוטראָגן, געבן פֿון
פֿאַרשיידנס. ,,א, צום טיש פֿון וואָס אַ מויל קען
אויסריידן'', רייד. 2. צוטראָגן. געבן

נאָכאיבער דער לענג

אַמאָל. 3. איבערגעבן אַ צווייטן. ,,דו
דערלאַנג מיר, איך וועל עס א, חיימען'', רייד.
4. אוטוו. (דער)גרייכן איבער עפּעס. צוויַיגן
וועלכע האָבן איבערדערלאַנגט צו די שכנישע
גערטנדלעך'', ג. גראָסבערג, פֿאַש, 21 1949 I.
איבער דער לענג — אַדוו פֿראַזע.
דורכפֿאָרן, דורכוואַנדערן א, ד, ל, פֿון דער מדינה.
אויך: א, ד, ל, און איבער דער ברייט.
איבער דער מאָס — פֿראַזע. 1. צו פֿיל,
מער ווי מע דאַרף, מער ווי עס איז נייטיק.
טרינקען א, ד, מ'. ,,זײַן אויפֿפֿירונג איז
געווען אַ פֿרומע, נאָר ניט א, ד, מ',,, ש.
בעקערמאַן, די קאָרטן וןאַרפֿערקע, אַדעס 1888. ,,דער
לעצטער שורהס טרויער צעפֿלייצט זיך א, ד,
מ''', הל, 'ליד וועגן דער ערשטער שורה'.
- — און אַלצדינג וואָס א, ד, מ, איז איבעריק,
אין דעם וואָרט אַליין ליגט עס'', קאָר I.
2. וואָס איז צו גרויס, צו ברייט; ניט לויט

דער ריכטיקער מאָס. אַ מאַרינאַרקע א, ד, מ'.
איבער דער נאָז — פֿראַזע. 1. מיטן
ערשטיקן בּ און אויך: איבּערן פּנים. דערלאַנגען עמעצן
אַ זעץ א, ד, נ'. *געבּן, דערלאַנגען א, ד, נ,
= אויך: אָנשרײַען פֿאַרמאַכן דאָס מויל.

,

,,האָט ער אים אַזוי דערלאַנגט א, ד, נ, אַז
יענער האָט זיך אָפּגערוקט און איז אַנטשוויגן
געוואָרן,,, רייד. ,,[ע] האָט אויפֿגעמאַכט די
לעפֿצן און געוואָלט עפּעס זאָגן. האָט זי אים
געגעבּן אַ שמיר א, ד, נ', איז אים ס'וואָרט
געבּליבּן שטעקן אין האַלדז'', טמז, 6 1961 I.
2. דזוו איבּער די אויערן. ,,איינער,
פֿאַרשניאָשקעט א, ד, נ', האָט אָנגעהויבּן ציִען טענער
פֿון אַ בּדחן,,, י. קייטעלמאַן, איק, ר''ה תּשכ,,א.
איבּער דער נאַטור — פֿראַזע. 1.
ניטכאַראַקטעריסטיש, ניט־נאַטירלעך פֿאַר דער זאַך,
סיסואַציע אע. געבּן צדקה איז א, ד, נ, פֿונעם
קמצן. טאָן
2. איבּער די מעגלעכקייטן. ס'איז
שלעכטס איז א, ד, נ, פֿון אַן
איידלמאַן.
א, ד, נ אַז אַ שוואַכער זאָל זיגן.

,

איבערדערנע'רט — אַדי, פּאַר
איבערדערנערן. ← דוווו. ,,פֿאַרנעמען זיך בלויז מיט
אונטערדערנערטע קינדער און ניט מיט קיין
א'ע,,, פֿגעז, פּאַריז 12 1949, No. ־קייט.
איבערדערנע'רן — טרוו. איצ, אימפּ נב;
~דערנערט. געבן שפּײַז, דערנערן מער ווי
מע דאַרף, מער ווי עס איז געזונט. די
מוטערלעכע שוואַכקייט איבערצודערנערן קינדער.
־ונג — ,,דער ירושה־ענדאָקרינער מאָמענט
איז וויכטיקער פֿאַר דער אַנטשטייאונג פֿון
צוקער־קראַנקייט...ווי א'", טאַז, וואַרשע 1929,
.No 4
איבערדערציאונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון איבערדערציִען. די א, פֿון
די אומוויסנדיקע מאַסן. "אין דער דערציאונג
— אָדער א, — פֿון וועלטלעכע טאַטע־מאַמע",
צײַט, טמז, 4□19 XI □).
איבערדערציי'ל — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערדערציילן. "פּרוּווט משדך
צו זײַן דעם א, מיט דער גרינטלעכער
פֿאָרשונג", אפֿא, טמז, 16 □ 1963 I. "אַ סך רײַכער

און שטאַרקער ווי עס קאָן אויסקומען פֿון
מײַן קורצן, אײַליקן א',,, צײַט, טמז,
.III 19▯4▯ 21
איבֿערדערציילונג — די, ־ען. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון איבֿערדערציילן. די א,
פֿון די געשעענישן. אויפֿגעבֿן די תּלמידים
אָנצושרײַבֿן אַן א, פֿון דער געלייענטער מעשׂה.
,,כ'דאַרף אויף מאָרגן, צום צווייטן לימוד,
אָנשרײַבֿן אַן א, פֿון 'מסעות בֿנימין השלישי'", י פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No.
.
איבֿערדערציילן — טרוו. ־צייל איבֿער, ~
דערציילט. 1. דערציילן דאָס וואָס מע האָט געהערט. ,,דער זיידע האָט מיר איבֿערדערציילט
אַ שמועס פֿון ר, מענדעלע קאָצקער ז,,ל", רייד. ,,מוזסטו טאַקע אַלץ א, וואָס דו האָסט געהערט בײַם שכן?", רייד. ,,פֿאַר א, לשונהרע איז ניטאָ קיין כּפּרה", שוו. א, כלערליי רכילותן. א, אַ סוד. 2. דערציילן וואָס מע האָט געלייענט. א, פּרצעס 'דרײַ מתּנות'. קורץ א, דעם אינהאַלט פֿון גאַנצן ראָמאַן. דז אויך בּכתבֿ. אויפֿגעבֿן די תּלמידים איבֿערצודערציילן אויף צוויי זײַטעלעך די געלייענטע מעשׂה. ,,אין העבֿרעאיש איז דער אינהאַלט פֿון...ווערק

איבערדערציילט געוואָרן פֿון עטלעכע שרײַבערס‟,

פּ. דודאָי, טמז, 1965 ‏ 16.

3. דערציילן וואָס מע האָט געזען. „ער האָט געבעטן די סוחרים איבערצודערציילן וואָס עס איז געשען‟, פֿאַר, 4 .2 1964 XII.

איבערגעבן מיט ווערטער אַן איבערלעבונג. א, וואָס מע האָט זיך אָנגעליטן. א, מיט אַלע פּי(ש)טשעווקעס. ‟ווען איינער דערציילט עס איבער...לעבט ער איבער די זעלבע איבערלעבונגען ווי בשעת ער איז געשטאַנען און געהערט ווי דער תּ״ח האָט גערעדט‟, לדב, סה. „[

אייביק] וואָלטן זיי ניט איבערדערציילט אַלע אײַנדרוקן‟, ט. קאַמינטקי, אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אַ י‏tראל־קלען, קיִעוו 1913. 5. דערציילן ביזן סוף, אַלץ. „עס איז אוממעגלעך איבערצודערציילן אַלץ. עפּעס מוז מען אויסלאָזן‟, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. מיט ז י ו קזוו,

— „מע האַלט אין איין א, זיך דעם וואונדער ווי מע האָט זיך געראַטעוועט„, רייד. ־עכץ. ־עניש.

איבערדערציילער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס דערציילט איבער. אַ גוטער א'. 2. ספּעצ. רכילותניק. א'ס, אונטערשפּילערס און סתּם פּאַסקודניאַקעס. ־ערײַ. ־יש

— אַדי. אויף אַן א'ן אופֿן.

איבערדערצ□ען — טרוו. ־צי איבער, ~ דערצויגן. 1. געבן אַן אַנדער מין דערציאונג ווי די וואָס מע האָט געהאַט פֿריִער. „די שול האָט ניט פֿאַרשטאַנען איבערצודערציִען איר אייגענעם תּלמיד„„ ימ, אונדזער געדאַנק, ריגע 1933. „די מלוכה לייגט אַרויף אויף די יוגנטלעכע דאָס שליחות זײַן מיט די עולים, זיי לערנען און א'“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿריטײַטש. 2. מאַכן בעסער, געזעלשאַפֿטלעךנוצלעך, אַרויפֿפֿירן אויפֿן דרך הישר. אַרײַנגעבן די פֿאַרברעכערס אין אַן אויסבעסערונגהיים און זיי א'. ־עכ□ן. ־ער.

איבערדרוקן

איבערדערציִעריש — אַד□. וואָס ווערט אָנגעווענדט, וואָס איז פּאַסיק (גוט) אויף איבערצודערציִען. א'ע מיטלען. ־קייט.

איבערווערקלערן □־־ טרוו. אי□, אימפּ נב; ~דערקלערט. דערקלערן נאָכאַמאָל, אויף אַ נײַעם (בעסערן) אופֿן. „לערע□ איר דאַרפֿט אונדז א, די טעאָריע פֿון...“, רייד ־ונג.

.

איבער דער קעשענע — פֿראַזע.

געוויינטלעך מיט די ווערבן ש ל אָ ג ן, ג י י ן. פֿאַרשאַפֿן היזק, מאַכן מע זאָל האָבן איבעריקע אָדער שווערע הוצאות. דער קריזיס (די קאָנקורענץ) שלאָגט א, ד, ק'. "...הייסט דאָס אויך אַן אמתער גנבֿ...[דער וואָס] גייט איינעם א, ד, ק'", ש. רעסער, קמ, 1870, No 21. „ניט נאָכגעבן די שטרײַקערס, זיי מאַטערן מיט אַ לענגערן שטרײַק, זיי שלאָגן א, ד, ק'", רייד.

איבערדערשרעקן — טרוו. ־שרעק איבער, ~דערשראָקן. שטאַרק, פלוצעם דערשרעקן. א, די קינדער מיט אומגעריכטע געשרייען. א, די אַלטע ווײַבער מיט אַ מעשׂה־נורא. מיט ז י ך. [אַרכ די פֿאָרעם איבערדערשראק: „דא איבר דר שראק דער פֿראנציסקא זער", מקוה יִשׂראל, פֿפֿדמ 1712 ם]

איבערדראַטעווען — טרוו. ־ווע איבער, ~ געדראַטעוועט. (שוסטערײַ) איבערנייען מיט דראַטווע. א, די טאָפּעלע זוילן.

איבערדראָטעווען — טרוו. ־טעווע איבער, ~געדראָטעוועט. 1. אַרומבינדן מיט דראָט. א אַ פֿאַרפּאַקטן קאַסטן. 2. דראָטעווען אויפֿ,

סנײַ.

איבּערדראַמאַטיזירן — מרוו. ־זיר איבּער, ~דראַמאַטיזירט. 1. איבּעראַרבּעטן, איבּערמאַכן אַ דראַמאַטיזירונג. א, דעם ראָמאַן פֿאַר דער בּינע. 2. איבּערטרײַבּן, איבּערשפּילן. אַרויסשטעלן עפּעס אויף אַ פֿאַרגוזמאַט־דראַמאַטישן אופֿן. א אַ געשעעניש, פּאַסירונג.

,

־ונג.

איבּערדראַקען — טרוו. ־קע איבּער, ~ געדראַקעט. איבּערטענטלען. איבּערמאָלן. שלעכט, מיאוס איבּערשרײַבּן. „איך האָבּ געבּעטן איבּערשרײַבּן, און דו האָסט איבּערגעדראַקעט“, רייד.

איבּערדרוס — דער, ־ן. 2 (lr—ber ו: M..

געפֿיל פֿון דערווידערדיקייט, פֿון איבּערדריסיקייט. פֿאַרדראָס. אַרויסרופֿן א'. זיך בּאַציִען מיט א, צו עפּעס.

איבּערדרוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבּערדרוקן. 2. רעזולטאַט פֿון איבּערדרוקן נײַע אויפֿלאַגע פֿון אַ ספֿר, בּוך, בּראָשור אע, געזעצט פֿונדאָסנײַ אָדער לויט פּלאַטן, צי דורך פֿאָטאָגראַפֿירן. א, פֿון אַ ספֿר אַ יקר־המציאות.

שפּעטערדיקע א'ן פֿון אַן אַלטער
אַמסטערדאַמער אויסגאַבע. 3. סכום פֿון גרעסערע
ציטאַטן. „א'ן פֿון אַ פּאָר ווערק פֿאַרנעמען מער
ווי אַ העלפֿט פֿון גאַנצן עסיי", רייד.
איבערדרוקן — טרוו. דרוק איבער, ~
געדרוקט. 1. דרוקן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן
אַנדער אופֿן (אויסגעבעסערט). א, דעם בויגן,
ווײַל די אותיות זײַנען צעשוואומען. א, דאָס

איבערדריי

גאַנצע בוך וואָס איז פֿול מיט גרײַזן. 2.
דרוקן נאָכאַמאָל (פּונקט דאָס זעלביקע אָדער מיט
שינויים). אַרויסגעבן אַ נײַע אויפֿלאַגע. „הער
צו, גוטער ייִדישער בריוונשטעלער... ע האָט
דאָך דיר [= דיך] עטלעכע מאָל
איבערגעדרוקט", ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844.
„אײַך, לעזער, וואָלט מען ניט גענאַרט מיט
געשיכטעס וואָס מע דרוקט איבער אַלטע
מיט נײַע נעמען", ש. בעקערמאַן, דיא
יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886. 3.
אַרויסנעמען לענגערע ציטאַטן פֿון אַ בוך און
זיי אָפּדרוקן ווי אַ טייל פֿון אַן אַנדער
אויסגאַבע. „א, אָן דעם מחבר'ס דערלויבעניש

איז שטרענג פֿאַרבאָטן“. 4. איבערזעצן און
אָפּדרוקן. “ווײַל פּראָסטע לײַט און ווײַבער
און קינדער ווילן פֿאַרשטיין די מעשׂה פֿון
קמצא בר קמצא האָבן מיר דאָס
איבערגעדרוקט אויף עבֿרי־טײַטש, כּדי יעדער זאָל
פֿאַרשטיין„, קמצא בר קמצא, לעמבערג, יאָר?
־ונג — „האָט דיזער אַרטיקל...גרויס בײַפֿאַל
געפֿונען...עס האָט דערלעבט (זוכה געווען) צו
האָבן דערנאָך איינע באַזונדערע אויפֿלאַגע (א')“,
אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878 ־עכץ.

.

־עניש. ־ער.
איבערדריי — דער, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערדרייען (זיך). אַן א, בײַם טאַנצן.
אַן א, פֿון גאַנצן קערפּער אין דער לופֿט.
דער א, פֿון די געשעענישן. *א, — וועט זײַן
צוויי (געטאָ־לשון, לאָדזש): „אַז איינער דאַרף
באַקומען צוויי זופּן, ווערט זײַן טעפּל
איבערגעדרייט. בעט זיך אַזוי איינער וואָס זוכט
פּראָטעקציע [בײַ דער] רעגיסטראַטאָרקע“, בלום.
־אונג.
איבערדרייעוודיק — אַדי. פּפֿ: ~דרייאיק,
נעאָל. וואָס לאָזט זיך גרינג איבערדרייען,
וואָס האָט די טבֿע זיך איבערצודרייען. אַן א'ע

ספּרוזשינע. א'ע וואַגאָנדלעך פֿון אַ
קינדער־באַן. *אַן א'ע תּחינה [בײַם מעסטן
קבֿרים האָט מען אַזוי געזאָגט: „ווי דער
פֿאָדעם ציט זיך, אַזוי זאָל זיך ציִען זײַן לעבן“;
טאָמער רײַסט זיך דער פֿאָדעם: „ווי דער
פֿאָדעם רײַסט זיך — אַזוי זאָל זיך אָפּרײַסן זײַן
חולאת“].

איבערדרייעכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. דזוו
איבערדריי, איבערדרייאונג. געניצט אויך מיט
ביטול. 2. (ספּעצ אין שנײַדערײַ) דאָס איבער
ניצעווען אַ מלבוש פֿון דער רעכטער, שוין
אָפּגעניצטער זײַט אויף דער לינקער. דאָס א,
פֿון אַלט אויף נײַ, טאַקע ווי ערשט פֿון דער
נאָדל אַרויס.

איבערדרייען — טרווּ. דריי איבער, ~
געדרייט. 1. דרייען נאָכאַמאָל, אויפֿסנײַ. א, דאָס
דריידל, ווײַל מען איז ניט זיכער צי ס'איז
געפֿאַלן אויף ג אָדער אויף נ. *א, די (מיט
דער) צ ו נ ג = זאָגן נאָך עפּעס. „די צונג
איז מיר ווי האָלץ געוואָרן, נישט
איבערצודרייען„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. “איך
האָב אַפֿילו ניט איבערגעדרייט מיט דער צונג
צו בעטן איר...„, אַר, ,דער שלום,.
2. אויסדרייען; דרייען אין דער פֿאַרקערטער

ריכטונג. א, פֿון רעכטס אויף לינקס, פֿון

אוי917

בֿן אויף אונטן. א, די ראָד, די מאַשין. א, פֿערראון־וואָגן. א, דעם קאָפּ אַראָפּ און די פֿיס אַרויף. „וויל איך א, דאָס געלעגער; מײַן שוואַרצע רבּיצין פּאַטשט מיט די הענט: אַזאַ משוגעת, מיט די פֿיס צו דער טיר וויל ער ליגן“, פּרץ, זכרונות. *א, אַ גלאָז בּראַנפֿן אין איין אָטעם = אַרײַנקערן, אויסליידיקן. *א, דעם דישל = בּײַטן די מיינונג. *א, דאָס ר ע ד ל (די ראָד) אויף צוריק = איבּערמאַכן, עס זאָל ווערן ווי געווען, ווי פֿריִער. „וויפֿל נאַראָנים איז דאָ צווישן אונדזערע ייִדעלעך וואָס ווילן א, דאָס רעדל אויף צוריק...אויפֿטאָן ...זאַכענישן וואָס ס'איז שוין לאַנג עבֿר זמן“, ממוס, שטורעמצײַט. „איר וועט ניט א, די ראָד פֿון דער געשיכטע„, רייד. „דאָס פֿעלצל איבּערגעדרייט (קען מען א'), אָבּער דאָס מזל קען מען ניט א'“, שוו. [ווש צווישן בּבּ 2 & 13.] „[בּײַם ונהפֿוך־טאַנץ] דרייען די טאַנצנדיקע חסידים איבּער די קאַפּאָטעס פֿון פֿאָרנט אויף הינטן“, אַבֿרהם רעכטמאַן, ייִבּל II ‏XI.

3. דרייען אַרום און אַרום; דרייען אין אַ קרײַז־ליניע. „דרײַ פֿרויען האָבן באַטראַכט דאָס קלייד, געדרייט עס...און איבערגעדרייט אויף אַלע זײַטן“, ספּ, סודות. 4. דרייען אויף צו עפֿענען אָדער צו פֿאַרשליסן. „און איך דריי איבער דעם שליסל!...די טיר — שוין אָפֿן“, פּרץ, זכרונות. „און צושליסן מיט דעם שליסעלע, און האָב נאָך דאָס שליסעלע צוויי מאָל איבערגעדרייט“, עט, סערקעלע.
5. איבערקערן, אומוואַרפֿן. א, אַ טאָפּ אין אויוון. א, די גאַנצע פּאָליצע מיט אַלע ביכער. „די וועלט איז אַ ראָד, די צײַט קען אַלעס א',,, מ. מאַראַחאָווסקיא, די הגדת פֿון הײַנטינער צײַט, וואַרשע 1885. *א, די וועלט = א) זי איבערמאַכן (צום גוטן אָדער צום בייזן). „די חבֿרה אין די העמדלעך ווילן א, די וועלט,,, רייד פֿאָניע וועט נאָך די וועלט א'“, י. מ.
. ,,
ניימאַן, שבת־אויבס, וואַרשע 1923; ב) אָנמאַכן אַ הקדש, אַן אומאָרדענונג. „געקומען אַ גאַנצע חבֿרה און איבערגעדרייט די וועלט. איצט דאַרף איך ראַמען“, רייד. אויך: א, די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף.
אַזוי אויך א, די שטוב. *א אַ שוך =

אַ סגולה אָפּצוהאַלטן די ניט־גוטע פֿון
אַרײַנקומען אין הויז, ווען עס איז אַ שטאַרקער
ווינט און מע הערט הינט בילן.

6. דרייען אויף צו פֿאַרריכטן, ריכטיק
אײַנצושטעלן. א, דעם זייגער אויף אַ שעה
פֿאָרויס; א, דעם זייגער פֿינף מינוט אויף צוריק.
„ער האָט אַ רײַב געטאָן איין האַנט אָן דער
צווייטער, איבערגעדרייט די יאַרמלקע אויף
דעם קאָפּ“, ספּ, סודות. 7. דרייען צו פֿיל,
צו ווײַט. דרייען די רולעטקע און א, איבערן
גוטן נומער. *א, די א ו י ג ן = א)
פֿאַרגלייזן די אויגן. חלשן; ב) שטאַרבן. *ס'האָבן
זיך אים די אויגן איבערגעדרייט — קען ניט
אָפּווענדן זײַן בליק מחמת באַגײַסטערונג. „ער
האָט זי דערזען, האָבן זיך בײַ אים די אויגן
איבערגעדרייט“.

8. איבערשטעלן אין אַן אַנדער אָרדענונג,
סדר. א, דעם סדר־היום. א, דעם פּלאַן פֿאַר

איבערדרייען זיך

דער קאָמפּאָזיציע. „דאָס כאַפּ־לאַפּ צאַפּ קומט
ניִשט צו נוץ, פֿון איַילעניש קומט נישט אַרויס
קיין גוטס: אָט האָט מען אַ שטיקל
איבערגעדרייט, און דאָ גאָר אַ פֿרעמדס אָנגענייט„,
הירש רייטמאַן, דער קיטטעל, ווין 1863. *א,
די י ו צ ר ו ת [פֿון די פּיוטים] —
פֿאַרפּלאָנ ---
טערן פֿאַרדרייען אַן ענין. „ער דרייט איבער

,
די יוצרות, כאַפּט דעם סוף פֿאַרן אָנהייב,
ווי מע פֿאַרלאַנגט פֿון אים“, ממוס, 'צוריק
אַהיים'. „האָט קיין פֿאַראיבל ניט, איר האָט
איבערגעדרייט די יוצרות אויף דער לינקער
זיַיט„, שע, דאָט גרויטע געווינס. *א, דעם
פּ ס ו ק — פֿאַרפּלאָנטערן; מרחיק מן השׂכל

זיַין. „איך האָב געגעבן אַ זינג אַרויס...און
האָכ איבערגעדרייט דעם פּסוק מיט די פֿיס
אַרויף„, שע, מאָטל II.
9 פֿאַרקערעווען אין אַן אַנדער ריכטונג.

.
א, דעם שמועס, דעם וויכּוח, די דעבּאַטע. „דער אייגענער שדכן האָט איבּערגעדרייט דאָס עסק אויף אַ שידוך פֿון וואַרשע מיט אַ פֿליישהענדלער„, פּרץ, פֿאַלקסט, געשיכטן. 1O. פֿאַרבּ . ־
טן. „איז דאַן די פּאַסיקע צײַט איבּערצודרייען די אומעטיקייט און אָנרייצן [דעם יצר־טובֿ אויפֿן יצר־הרע]„, תּניא, עט. „נאָך איין טעם וואָס מע שפּילט אין דריידל [אום חנוכּה] ווײַל עס איז איבּערגעדרייט געוואָרן די דרךהטבֿע, אַז שטאַרקע זענען איבּערגעגעבּן געוואָרן אין די הענט פֿון שוואַכע“, ספֿר מטעמים, לאָדז, יאָר?
11. קאַליע מאַכן דורך דרייען. „דריי ניט צו פֿיל, דו וועסט א'„, שוו. א, אַ זייגער, אַ שלאָס. א, אַ ספּרו(נ)זשינע. 12. פֿאַרדרייען, פֿאַלש איבּערגעבּן. א, יענעמס רייד, יענעמס מיין.
13. איבּערניצעווען (אַ מלבּוש). „מע פֿלעגט אים געבּן אַן אָפּגעטראָגן מלבּוש איבּערצודרייען„, בּאַש, 'קורצער פֿרײַטיק'. *א, דאָס ה י ט ל (דעם ספּאָדיק, דעם פּעלץ, דאָס פּעלצל, דעם שמויש) = זיך איבּערקוליען, בּײַטן צר דים, זיך שמדן. *א, די בּ ע , ק ע ש ע (דעם

פעלץ) = באַנקראָטירן און פֿירן דאָס געשעפֿט
אויפֿן נאָמען פֿון ווייַב אָדער בכלל אויף אַן
אַנדער נאָמען. 14 פֿאַרוואַנדלען. א, מיט
.
כישוף. „קויפֿט אין אַפּטייק לאַקמאַסאָווע
פּאַפּיר...דאָס בלויע...ווערט...איבערגעדרייט באַלד
אויף אַ רויטע קאָליר, דאָס רויטע פּאַפּיר
ווײַטער...ווערט...באַלד איבערגעדרייט אויף אַ בלויע
קאָליר„„ דר, כימיקער א. דאנין, דער
וועגווײַזער פֿון געזונד, וואַרשע 1905.
איבערדרייען זיך —← דפֿוו. 1. רעפֿל.
זיך א, בײַם מאַכן קונצן. אַראָפּגייענדיק די
טרעפּ, זיך א, און בלייַבן ליגן. א, זיך אויף
דער צווייטער זײַט בײַם שלאָפֿן. „ביז דאַמאָלס
וועט מען זיך נאָך דרײַצן מאָל א, אויפֿן
פּיעקעליק“, [ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן], י. נז.
ניימאַן, שבת־אויבס, וואַרשע 1923. *זיך א,
אין ק בֿ ר — האָבן גרויס צער פֿון קינדער
אָדער בכלל פֿון דעם וואָס קען געשען נאָכן
טויט. „דײַן טאַטע ע“ה וועט זיך א, אין קב״י,
אויב דו וועסט חתונה האָבן מיט דעם יונג,',
רייד. 2. זיך אומקערן, אומדרייען. פּד. „ער
דרייט זיך איבער — מע זעט שוין אַפֿילו נישט

איבערדרייעניש

דעם שטאָטישן זייגער, נישט דעם קלויסטער", א
פּרץ, 'דער משולח'. „דער יונגערמאַן האָט זיך
לאַנגזאַם איבערגעדרייט...און געקוקט אויף אים",

[ייס I.

3. אוטוו. ווערן איבערגעדרייט (אַזוי ווי) א
פֿון זיך, אָן קלאָרער סיבה. „ביי ר, הונאן
האָט זיך איינמאָל איבערגעדרייט די רצועה
פֿון די תּפֿילין, און ער האָט געפֿאַסט פֿער
א

ציק תּעניתים,„ תּניא, קפּט. „האָט זיך
דערהערט ווי דער שליסל דרייט זיך איבער אינעם
שלאָס פֿון מיין קאַמער,„ א. ז., אַ ודוי פֿון אָן
אַקושערקע, וואַרשע 1909.

4. זיך איבערקערן. בייטן די ריכטונג (אָן
אָנווייז אויפֿן כוח וואָס בייט). דער וואָגן קען א
זיך נאָך א'. "דער ווינט זאָל נאָר ווען זיך
א'!,„ פּרץ, 'דער משולח'. *עס דרייט (זיך)
מיר אינעווייניק אַלץ איבער = וועגן פֿיזישע
אָדער גייסטיקע ווייטיקן (ספּעצ אַזעלכע וואָס
בינדן זיך מיטן געפֿיל פֿון עקל). *די ק י

שק ע ס דרייען זיך איבער = מע האָט גרויס ווייטיק; מע לעבט דורך אַ שטאַרק געפֿיל.
„די קישקעס אין בויך האָבן זיך אין אים איבערגעדרייט פֿון שׂנאה צום פּרומאַק„, חג, צמח אַטלאַס. *דאַס ר ע ד ל דרייט זיך איבער = דאָס מזל בײַט זיך (מיטאַמאָל אָדער זייער קאָנטיק). „ס'רעדל וועט זיך א', ס'וועט ווערן בעסער„, רייד. „ס'רעדעלע דרייט זיך איבער: הײַנט — דיר, מאָרגן — מיר„, פֿוול. „האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל און אונדזערע סוחרים האָבן זיך געשטעלט און געמוזט עוקר זײַן“, ממוס, מסעות. „נאָכדעם אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, איז די קלוגע געוואָרן זי, די ווײַב זײַנע“, בערג, 'יורדים'. אויך אָן 'רעדל': ס'וועט זיך (בײַ אים) אַלץ א, צום גוטן.

5. דורכקערעווען זיך, דורכמאַכן אַ שווערן דער זומער. „איין הונדערטער איך זאָל כאַטש א מצבֿ ווי ניט איז. א, זיך ביז עס וועט קומען

האָבן...כאָטש אויף א, זיך, איר פֿאַרשטייט אַ מעשׂה?„ שע, אָרעמע און פֿריילעכע II.
6. אומפּ. פֿאַרבײַגיין, זיך בײַטן. “ס'וועט זיך א, און דער עולם וועט פֿאַרגעסן„ רייד. „אַוועק

פֿון די אויגן אויף אַ פּאָר חדשים, ביז עס א
ווערט זיך איבערקאָכן, זיך א'„, ג. ח. לעוונער, א
די פֿאַלשע חתן־כלה, ווילנע 1897. 7. (
אומאיידל) שטאַרבן. ◻—. וואָס הערט זיך מיט אים?
— ער? ער האָט זיך שוין איבערגעדרייט“.
(פֿרגל ב1).
איבערדרייעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויעריקער פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערדרייען
(זיך). אַן א', אַ זאַווערוכע אין דרויסן. אַן א, א
אין די געשעפֿטן. „זיך האַלטן ביי די זייטן
לאַכנדיק, אָבער ניט פֿון דעם וויץ, נאָר פֿון
דער א, און פֿאַרפּלאָנטערניש פֿון דעם וויץ“,
מוק, מיינע באַגעגענישן.
איבערדרייער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס דרייט איבער. אַן א, ביים
טראַנסמיסיע־פּאַס. אַ פֿעלשער, אַן א'. „דער
איבערמאַבער און א, פֿון עפּעס וואָס מע האָט גענומען
פֿון פֿריִער„, ימ, ייִשפּ XIII ־עריי ־יש
. .
— אַדי.

יבערדריל — ◻וו. דריל איבער, ~
גען

דרילט. פּפ: ~דרי עווען, ~דרעלעווען.
דרילן, בּויערן נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ, אויף אַן א — מונדשטוקן. א, די ציינער.
,
אַנדער אופֿן. א, די
יבּערדרימל — דער, ־ען. אַקט פֿון
איבּערדרימלען. נאָך אַן א, אויפֿשטיין פֿריש און מונטער.
יבּערדרימלען — אוטוו. ־מל איבּער, ~ געדרימלט. פּפ: ~דרעמלען. איבּערשלאָפֿן מיט אַ לײַכטן שלאָף אַ קורצע צײַט. א אַ האַלבּע
,
שעה און ווידער צו דער אַרבּעט. א, די גאַנצע חתונה.
יבּערדריסי — אַדי. צוגעגעסן. לעסטי א
ק ק,
בּאַלעסטיקנדיק. וואָס פֿאַר דעם איז מער קיין געדולד ניטאָ. מלל פֿאַרטײַטשט 'קצתּי בּחיי, (בּראשית, כז, 46): ,,איך בּין איבּר דריסיג‟; אורח: ,,עס איז מיר איבּר דריסיג‟. א, צו עסן דעם זעלבּיקן אָנבּײַסן יעדן טאָג. ,,עס איז אים שוין די אַלע אירע...[נאַרישקייטן] געגוג א, געווען,,, פּ. ט. סעגאַל, די שיינע נייטערין, ווילנע 1894. ,,ס'איז אַלץ פֿונדעסטוועגן

לאַנגווײַליק און א',,, באַש, גימפּל תּם. ,,מיד
און קראַנק, און נערוועז און א',,, גרינ,
בלעטלעך פֿון אַ טאָגבוך.
געוויינלעך מיט ו ו ע ר ן. ,,עס איז אים
שוין די וועלט א, געוואָרן,,, ג. י. ראַוויטש,
ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. ,,דאָס פֿריִערדיקע
פֿריילעכע לעבן איז אים עפּעס געוואָרן א,,,,
ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. ,,א, און
פֿאַרמיאוסט איז דאָס לעבן מיר געוואָרן,,, אָר,
,מײַן צוריקקער אַהיים'. ,,[אי] איז א, געוואָרן
דער דערהויבענער חסיד מיט זײַנע טענות“,
יהל, די ומבּאַקאַנטע פֿאַדליבּט נ, וואַרשע 1901.
,,ווערט איר א'...דאָס לאַשטשען פֿון דײַן האַנט,,,
הר פֿאַרנאַכט ־יקייט.

. ,

~געדרע ליעוו — טרוי ־ליעווע איבּעו,

.

יעוועט.. דזוו איבּערדרילן. 2. (
לאָיבּערדר

קל, קיִעווער ג'). צעקנייטשן, צעקנאָדערן,
צעמאָרשט(ש)ען. א, דאָס נײַע קלייד, מאַכן עס

פֿאַר אַ שמאַטע.
יבּערדרעמלען — דזוו איבּערדרימלען ←. א
יבּערדרעסירן — טרוו. ־סיר איבּער, ~(גע)־
דרעסירט. 1. דרעסירן, לערנען ווי זיך או
Iצופֿירן (געוויינטלעך וועגן חיות) נאָכאַמאָל,
צו א צירק־פֿאָרשטעלונג. 2. צו פֿיל דרע־ א
אויפֿסניַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די חיות

סירן, מושטירן. א, אַ הונט. א, די קינדער.
־ונג. ־ער.
יבּערדרעשן — טרוו. דרעש איבּער, ~
געדראָשן (פֿר אויך: ~געדרעשט). 1. אויפֿסניַ
—ון די זאַנגען. א, די תּבֿואה. א, בּלויז איין א
דרעשן, מ(ע)לויצען, אַרויסקלאַפּן די קערנער
פּ
בּינטל קאָרן. 2. איבּערחזרן, איבּערזאָגן,
איבּערדערציילן דאָס זעלבּיקע. איבּערדיסקוטירן.
,,פּלאַפּל צו מיר, און לאָמיר אַלטע מעשׂיות
א',,, מאָל, דער מלך דוד איז אַליין געבּליבּן.

,,אַז מע הערט [אי□] אַזוי פֿיל מאָל א, זײַן
טענה אַז מע פֿאַרשטייט אים ניט...,,, א. אַלמי,
פֿאַש, 3 .20 □1952 I. דרעשן אַ סך אָדער

איבּערהאָדעווען

בּיזן סוף. א, ווער ווייסט וויפֿל גערשטן ־ונג.

.

־עניש. ־ער.
יבּערדרש(ע)נען — [...דאַרשענען] טרוו.
דרשן (דרשע) איבּער, ~געדרשנט (~געדרשעט).
1. אויסטײַטשן דורך דרש, מיט אַ פּשטל,
אַ פּסוק אויף אַן אַנדער שטייגער. דע
ל
ם
אייגענעם פּסוק א'. 2. אויך אוטוו. ווידער, נאָכאַמאָ
האַלטן די זעלבּיקע (ענלעכע) דרשה. דרשענען
און א, וועגן דער נייטיקייט צו העלפֿן יי□
אין אַנדערע לענדער. 3. אַ סך, צו פֿי
דוש(ע)נען. א, די לאַנגע דרשות און
פֿאַרנודיען דעם עולם.

האָט [נבּ אין פּד.] גרונטבּ — האָבּן אַ צאָל,

—

ריבּערהאָבּן — אַקוזוו. איצ, אימפּ נבּ; ~

גע

ספּעצ: 1. פֿאַרמאָגן, האָבּן אייגנס און פֿאַ
סאָרט). וואָס איך האָבּ איבּערגעהאַט געלט!
לירן (דערנאָך האָבּן פֿון דעם זעלבּיקן מין,

„זעלטן איז צו געפֿינען אַ מיידל וואָס האָט
ניט איבּערגעהאַט קיין פּאָר חתנים“, ייִפֿאָל,
38 1885, No. „אַלע לשונות וואָס ייִדן האָבּן
איבּערגעהאַט, זינט הע

פֿאָלק„, מוו,

בּרעאיש האָט

אויפֿגעהערט צו קלינגען אין מויל פֿון
שטאַפּלען. „אַ מזל אַזאַ. אינגאַנצן האָט ער
איבּערגעהאַט זעקס ווײַבּער“, א. סלוצקי, טמז,
2 .12 1965 III. איבּערלעבּן אַ סך מאָל. א,
קאַלט און וואַרעם. א, סכּנות אין געטאָ ן
אויף דער

אַק...וואָס גייט איבער אַלע צרות
אַרישער זײַט. „מיך האָט געטראָפֿן
אַ נײַער ש
וואָס איך האָב ווען איבערגעהאַט ביז אַהער,,,
שע, טבֿיה. 3. דורכמאַכן פֿאַרשיידנס. „מיר
אין אונדזער לעבן,,, ממוס, קליאַטשע. 4.
באַהאָבן שוין עפּעס אויך איבערגעהאַט עסקים

שעפּטיקן זיך, פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרשיידנס.
„איך האַב איבערגעהאַט אין מײַן לעבן סך
מיני פּרנסות,,, ממוס, קליינמענטשעלע. .

האָ— ל האָר אין ווײדל וויפֿל בעלי־בתּים
בן איבער זיך אַ צאָל. „נישטאָ בײַ אים הײַנט
אַזוי פֿי
ער האָ
6. געבערן אַ סך קינדער. א, פֿינף
ט שוין איבערגעהאַט“, ממוס, ספֿר
הבהטו נ.
זין און דרײַ טעכטער און בלײַבן אויף דער
עלטער עלנט ווי אַ שסיין.
יבערהאָגלען — אוטוו. ־גל איבער, ~ג י.
האָגלט. האָגלען און אויפֿהערן. „דער האָגל

האָט איבֿערגעהאָגלט און ס'איז ווידער געוואָרן פֿאָגאָדע,,, דייד.
יבֿערהאַד(י)ען, ~האַדז(י)ען — טרוו.
־ד(ז'י)ע איבֿער, ~געהאַד(י)עט, ~געהאַדז(י)עט.
אויך: ~האַדזשען. וורר. מאַכן עקלדיק, אָפּשטויסיק בֿיזן סוף אָדער אַ צאָל. ,,ער האַדיעט מיר איבֿער דאָס לעבֿן מיט זײַן בֿרוד און זײַנע מיאוסע רייד,,, רייד.
יבֿערהאָדעווען — טרוו. ־דעווע איבֿער, ~געהאָדעוועט. 1. האָדעווען, קאָרמען, געבֿן עסן צו פֿיל. א, די בֿהמות. 2. אויפֿהאָדעווען אַ גרויסע צאָל אָדער פֿאַרשיוועגע מינים. א, פֿאַרשיידענע עופֿות, פֿון אַ הון בֿיז אַן אינדיק. 3. האָדעווען אויפֿסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. איבֿערדערציִען. ,,אײַ, דאַרף מען דיו א, מיט געזאַלצענע ריטער,,, רייד.

איבֿעדהאַוןען

איבֿערהאַוועןן — אוטוו. ־ווע איבֿער, ~ געהאַוועט. צו פֿיל האַוועןן. א, און בֿלײַבֿן אָן □ נחות.
איבֿערהאַווקען — ־קע איבֿער, ~ געהאַווקעט. אוטוו — האַווקען אַ לענגערע צײַט.

א, גאַנצענע נעכט. טרוו — איבערשטײַגן אין האַווקען. א אַלע הינט. מיט ז י ך — 1. זיך

,

אָנהאַווקען און אויפֿהערן. 2. האַווקען איינער צום אַנדערן אָדער איינער נאָכן אַנדערן. ־עניש.

איבערהאָטשקען — אוטוו & טרוו. ־קע איבער, ~געהאָטשקעט. פּפֿ: ~האָצקען. איבערשפּרינגען. איבערטאַנצן, איבערלויפֿן מיט שפּרינגענישן. א, (איבער) דעם גאַנצן הויף. מיט ז י ך. ־עניש.

איבערהאַלדזן זיך — קזוו. האַלדז זיך איבער, זיך ~געהאַלדזט. אַרומנעמען זיך, קושן זיך אַ לענגערע צײַט אָדער מיט אַ סך. א, זיך מיט אַלע פֿרײַנד און באַקאַנטע. „חנה האָט זיך שוין מיט אַלעמען איבערגעקושט, איבערגעהאַלדזט“, דער פֿאַבריקאנט, ווילנע 1893.

איבערהאַלט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערהאַלטן (זיך).

איבערהאַלטן — טרוו. האַלט איבער, ~ געהאַלטן. 1. האַלטן אַ סך מאָל. א אַ זאַך אין

,

די הענט צענדליקער מאָל. “וויפֿל מענטשן האָבן שוין איבערגעהאַלטן דעם דאָקומענט, און

קיינער האָט ניט באַמערקט...,,, רייד. ,,וויפֿל מאָל וועסטו א, און איבערטאַפּן דאָס שטיקל סחורה?,,, רייד. 2. האָבן, פֿאַרמאָגן (פֿון) פֿאַרשיידנס. האַלטן אַ צאָל. א, סחורות פֿון וכול מאמינים שהוא. א, קרעטשמעס. 3. האַלטן אַ שטיקל צײַט. אויסבאַהאַלטן (אויף) אַ צײַט. ,,די גנבֿים האַלטן איבער, ווי דער שטיי.. גער איז, אַ גניבֿהש פֿערד בײַ אַ פּראָסטן ייִדן אין שטאַל,,, קמ, 1868 43 .No.

4. האַלטן (בײַ זיך) אַזוי לאַנג ווי עס איז נייטיק, פּאַסיק. אַ צײַט ניט אַרויסלאָזן אין פֿאַרקער. א, סחורה און וואַרטן אויף אַ גוטן מקח. ,,ווער עס קען ניט אַ סחורה א, אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך דער קען קיין סוחר ניט זײַן,,, שוו. ,,ווען אבֿר דיא צײַט צו ביצאלין קומט און, ער האָט ניט, דא זאָל מן אים זײַן זאַכן נעמן און'...איבֿר הלטן“, מהמ, אַמשט 1722.

5. האַלטן לענגער פֿונעם טערמין, לענגער ווי עס איז נייטיק, פּאַסיק. א, אַ חובֿ. א, אַ בוך פֿון ביבליאָטעק. ,,צווייטנס, האָט ער קיין שנײַדערישע טבֿע נישט געהאַט; ניט איבעריק געשוואוירן, ניט געשאָלטן, ניט איבערגעהאַלטן די צײַט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,יעדע תּבֿואה הערט אויף צו טויגן צו דער זריעה

...ווען מע האָט זי זייער לאַנג איבערגעהאַלטן", מ. וועבער, דער יודישער פֿעלדאַרבײַמער, וואַרשע 1891.

6. אויסהאַלטן, איבערטראָגן, איבערקומען און אַרויס בשלום. א, די שלעכטע צײַט. א, די קרענק. א, צרות. א, רדיפֿות. א אַ בלאָקאַדע.

,

,,וויי־וויי, וויפֿל האָבן שוין ייִדן איבערגעהאַלטן פּורעניותן און שלעק!", רייד. ,,מיט איר וועט זײַן אַ שלעכט עסק, זי האָט קוים

א919

בערגעהאַלטן די פֿאָריקע קימפּעט,,, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. ,,אַן אומגליק שוועבט מיר איבערן קאָפּ...איך וועל עס נישט א'", י. מ. ניימאַן, שבת־אויבט, וואַרשע 1923. ,,ער האָט דערפֿילט אַז ער וועט נישט א, דעם פּײַן און וועט געוויס פֿאַלן אין חלשות", ב. דעמבלין, צוויי און אָ דריטער, נ,,י 1943. ,,מע מוז אים מאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע, נאָר זיי זײַנען מסופּק צי ער וועט עס א'", ייִט, פּוילן ▯ יI.

7. (אקוזוו) איבערבלײַבן אויף אַ צײַט (שבת,

יום־טובֿ, אַ סעזאָן). א, שבת אויף (אין) דער אַכסניא. א, די ימים־נוראים אין שטאָט. א, דעם גאַנצן זומער אין שטעטל. „אַלזו וואָלטין זיא אויף דען דאָרף דיא פֿײַאר טעג איבּיר האַלטין, בּײַא אינין בּלײַבּין", גה, 28.

8. (אַקוזוו) איבּערלעבּן. „ווײַל איך גאַר וויניק פֿון אַלי דען מײַניגין האבּי איבּר גיהאַלטין", גה, 274. „זי האָט געהאַט צוויי זין, זי האָט זיי אָבּער ניט איבּערגעהאַלטן", רייד.

איבּערהאַלטן זיך — ← דפֿוו. איבּערקומען, איבּערלעבּן. איבּערזײַן. „ר, חיים...וואָלט זיך נאָך ניט מייאש געווען, געזוכט וועגן, אַהין — אַהער, ווי זיך אַרויסצודרייען, א, זיך די שלעכטע צײַט„, ממוס, שלמה. „עס איז אַמאָל אַהין געקומען אַ...בּחור אום ווינטער און האָט זיך איבּער די קאַלטע צײַט דאָרט געוואָלט א'„, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער, דראָהאָבּיטש 1898. ־עכץ, ל2. ־עניש.

איבּערהאַלטעוודיק — אַדי. וואָס מע קען איבּערהאַלטן. א'ע סחורה וואָס וועט ניט קאַליע ווערן. ־יקייט.

איבּערהאָל(י)ובּען זיך — קזוו. ־בּע זיך איבּער, זיך ~געהאָל(י)ובּעט. האָלובּען זיך, צערטלען זיך אַ לענגערע צײַט אָדער מיט אַ

סך. א, זיך מיט אַלע בחורים.

איבערהאַמערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געהאַמערט פֿונדאָסנײַ האַמערן, אויף אַן אַנדער
.
אופֿן. א, די פּאָדקעווע, דעם טאַץ ־ונג.

.

איבעו□האַנדלען — אוטוו. ־דל איבער, ~
געהאַנדלט. 1. טאָן אויף אַן אַנדער שטייגער.
,,אַז מע האָט געהאַנדלט ניט גוט, וועט מען
א',,, רייד. 2. פֿירן מסחר, האַנדלען מיט
פֿאַרשיידנס. א, מיט צעלניק און מיט
שניטסחורה. ,,און ווער שמועסט פֿון זײַן
בריהשקייט אין סוחרײַ? וואָס דער מענטש האַנדלט
אַלץ איבער!,,, עט, סערקעלע. ,,ער האָט
איבערגעהאַנדלט מיט וויפֿל סאָרטן סחורה, די
געשעפֿטן זענען אים געגאַנגען ניט גוט'', ש.
בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ''ג. ,,יענע
נאַכט האָבן מיר איבערגעהאַנדלט מיט וואָס איר
ווילט'', שע, טבֿיה. 3. האָבן צו טאָן, האָבן
עסקים מיט אַ צאָל. א, מיט כּלערליי
פֿאַרשוינען. ,,ער האָט שוין ניט אַזוי פֿיל האָר אין
קאָפּ, וויפֿל ער האָט שוין איבערגעהאַנדלט
מיט ווײַבער,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן I□.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.

איבּערהאַנט — די. מצ נבּ. bant־be ו
Mhdאייבּערהאַנט. דאָס וואָס איז (ווערט) שטאַרק(ער).
ה אָ בּ ן די א, = זײַן שטאַרקער. ״יאָ

פֿאַראיבּערהאַקונג

---I

שטאַנד, ניט פֿאַרשטאַנד — געלט האָט די
א',,, רייד. האָבּן די א, אין קאָרטן = זײַן
דער ערשטער בײַם אַרויסגיין מיט אַ קאָרט.
נ ע מ ע ן (די) א, = ווערן שטאַרקער, גובֿר
זײַן, זיגן. ,,שוער צו וויסן ווער עס וועט
דאָ נעמען די א'״, רייד. ״דער חולי [= ד לי,
קרענק] איז לאַנג אין גוף דא האָט זי א,
גענומען״, צור, מצורע. ,,און, וואו זיך איינר
נאַר מעלט פֿון פּראַג, אַליין די רמאים נעמן
אין מעהרן זער איבּר הנט״, אַשכּנז. ,,די טרײַא
און, בּאַרים הערציקייט נימץ קענט, דיא און
טרײַא זער איבּר האַנד נעמט,,, צוכט. ,,אַזו
לאַנג די חולשה ניט איבּר הנט נעמט, זאָרגט
קיין מענש ניט״, מרגניתא פֿיורדא 1791. [אין
,
עלטערע טעקסטן געוויינטלעך בּשײַכות נ יט

עפּעס שלעכטס. עס איז פֿון זיי ניט קלאָר,
צי איבּערהאַנט אָדער אייבּערהאַנט.]
איבּערהאַסטיק — אדי. זייער האַסטיק;
האַסטיקער ווי מע דאַרף. אַן א'ער בּאַשלוס.
־יקייט.
איבּערהאָפּסן — טרוו. האָפּס איבּער, ~
געהאָפּסט. 1. אַריבּערשפּרינגען (קינדעריש אָדער
שטיפֿעריש). א אַ טרעפּל אויף אַ גאַניק.
,
2. איבּערשפּרינגען. א, דעם הויף אויף איין פֿוס.
איבּערהאָפּקען — טרוו. ־קע איבּער, ~
געהאָפּקעט. 1. האָפּקען, טאַנצן נאָכאַמאָל. א, אַ
האָפּקע. 2. אַריבּערשפּרינגען. א, אַ לוזשע.
3. האָפּקען אַ צײַט אָדער בּיזן סוף. א, אַלע
טענץ און פֿאַרמאַטערט ווערן. מיט ז י ך.
־עכן. ־עניש.

איבּערהאַסטן — טרוו. האַפֿט איבּער, ~
געהאַפֿט (~געהאָפֿטן). האַפֿטן, אויסנייען אויף
אַן אַנדער שטייגער. צענעמען די פֿעדעם און
א, דאָס תּפֿילין־זעקעלע.

איבערהאָסן — אוטוו. האָף איבער, ~
געהאָפּט. 1. האָפֿן אויף פֿאַרשיידנס. א, אויף
כּלערליי ישועות וואָס קומען ניט. 2.
איבערקומען די צײַט מיט האָפֿן. א, און דערלעבן (צו)
נחת.

איבערהאָסענונג — די, ־ען. גוזמאדיקע,
אומאָטיווירטע האָפֿענונג. "דאָס פֿאַרלאָזן זיך
אויף הילף פֿון דעם רײַכן קרובֿ איז געווען
ניט מער ווי אַן א',,, רייד.
איבערהאָצקען — ־קע איבער, ~געהאָצקעט.
דזוו איבערהאָטשקען (←) פּילט אין זיך
,, .
אַן איבעריק ביסל כּוח און וויל עס
אויסבּרענגען מיט 'א', די גאַס", פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
איבערהאַק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון א . ־

בערהאַקן. 2. אויפֿהער (אין ריידן), הפֿסקה, פּאַוזע, שטערונג.

איבערהאַקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערהאַקן (זיך). 2. אָפּוועגדונג. איבעררײַס. „דער מאַמעס אויגן זוכן שוין אַן א, צו דער אָנגעשטרענגטקייט“, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'. „דאָס פֿאָלק טאָר ניט אָננעמען דעם פֿאַרבײַט...דאָס וואָלט געמיינט פֿאַר אים די א, פֿון זײַן גורל“, בּ. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע.

איבערהאַקן

איבערהאַקן — טרוו. האַק איבער, ~געהאַקט. 1. צעשפּאַלטן, צעטיילן דורך האַקן. א, אַ דרענגל. א, אַ זײַטל פֿלייש. „דרוישׂן האָט מן דיא שטיין איבר האַקט אונ, דער נאָך האָט מן זיא אַרײַן גיבּראַכט“, סהמ, מלכים א, פּז/א.
2. איבערברעכן. צעוואונדיקן, צעקאַליעטשען. א, יענעם אַלע ביינער (גלידער). א, רוק און לענד. „וואָס געזען, ווען געזען — זאָל מען אים שוין אַ גליד א', וועט ער נישט דאָס מויל עפֿענען“, ווײַס, אַ שטעטל. 3 פֿונדאָסנײַ האַקן,

.

נאָכאַמאָל. א, דאָס פֿלייש וואָס איז ניט גענוג גוט צעהאַקט. 4. האַקן אַ סך. „וויפֿל האָלץ ער האָט שוין איבערגעהאַקט!“, רייד.

5. איבעררײַסן (מיט עפּעס אָדער אויך אָן אַ מכשיר). א אַ שטריקל, אַ פֿאָדעם. *א, אַ פֿאָדעם = (בײַם שטריקן) דורכלאָזן; איבערהופּן, איבערהיפּערן. „עטלעכע פֿעדעם איבערגעהאַקט, דרײַ אויגן נאָכגעלאָזט“, פּרץ, '...נישט קיין זאָקן'.

6. שאַפֿן אַ שטערונג, אַ מכשול; איבערשנײַדן. „אַ קליין טעכל [= טײַכל]...האָט איבערגעהאַקט דעם וועג“, י. ראַווינסקי איבז, דער פֿאַלשער שולד בריעף, וואַרשע 1885. „עטלעכע מאָל האָט אַ שאָטן איבערגעהאַקט דאָס פּאַסיקל שײַן וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אין פֿירהויז“, ה. דאָבין, סאָוו, היימלאַנד, 3 1963, No.

7. איבעררײַסן יענעמס רייד מיט אייגענע רייד אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן. אַליין אויפֿהערן רעדן. א, די אייגענע רייד און זיך צעוויינען. א, יענעם די רייד און אָנהייבן זינגען. א, דאָס דאַוו(ע)נען. „— וואָס עפּעס איך? — האַק איך אים איבער די רייד פֿאַראיבל

--- ▯

דאַרף האָבן אײער װײַב זאָל לעבן״, ממוס, שטורעמצײַט. „נאָר איך האַק אים איבער: זאָגט נאָר...ר, קרובֿ...הײַנט איז שוין אײער װײַב צופֿרידן?״, פּרץ, 'אין פּאָסטװאָגן'. „האָט קיין פֿאַראיבל נישט װאָס איך האַק איבער אין מיטן״, שע, אַלט־נײַ כּתרילעװקע. 8. איבערשלאָגן געדאַנקען. א, דאָס קײטלען זיך פֿון סילאָגיזמען. ״דו האָסט אים איבערגעהאַקט אַ חשבון־הנפֿש״, פּרץ, געדאַנקען און אידײען. 9. אָפּשטעלן. א, דעם אָנגריף. א, אַ מחלוקת. „מע זאָל דיזן שטראָם א', מוז דאָס געװעקס פֿאַרװעלקט װערן״, דאָס פּפֿלאנצענלעבען, װאַרשע 1899. „אַז משיח װעט קומען, װעט שוין קיין מאָל איבער גהאַקט װערן די ממשלה״, שי, מ/א.

1O. אױפֿהערן עפּעס טאָן, ניט (לאָזן) ממשיך זײַן. „דער רעדאַקטאָר...האָט איבערגעהאַקט זײַן גאַנג אַרטיקלען איבערן ציוניזם״, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „דער איינציקער זון, מיט װעמען ער...האָט געמיינט זײַן שנײַדערײַ א, — איז אַזאַ טויגעניכטס״, בערג, בײַם דניעפּער I. *א, באַציאונגען מיט עמעצן = ניט האָבן מער צו טאָן מיט יענעם.

11. מאַכן אַ סוף. ״אַלע תּקנות װעגן

פֿאַרהיטן און א, די פֿאַרבּרעכן“, אַ בּונדאָוועץ, פּאָליטישע פּראָצעסן, זשענעוו □ נ)19. ,,עס קומט אויס בּײַם אײַנשטעלן אַ כּללישׂ אָבּליגאַטאָרישן סדר דורכצושנײַדן אָדער איבּערצוהאַקן אָט די וואַקלענישן און ספֿקות“, ימ, ייִשפּ □ □(, 1.

12. (קאָרטנשפּיל) בּײַטן דעם גאַנג פֿון

92()

שפּיל מיטן בּײַטן דעם פּלאַץ פֿון אַ שפּילער, אַרײַננעמען נאָך איינעם אע. א, די שפּיל. א, די האַנט.

איבּערהאַקן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זיך איבּעררײַסן. זיך א, אין די רייד.. ,,עפּעס האָט בּײַ אים זיך איבּערגעהאַקט אין האַלדז אַז ער האָט נישט געקאָנט רעדן“, ספּ, סודות. ,,די געדאַנקען זײַנען אומקלאָר, אָפֿטמאָל האַקן זיי זיך איבּער“, בּונד, אַ הספּד אויף אַלכּסנדר דעם צווייטנס קבֿר, לאָנדאָן 1902. ,,אַזאַ לעבּן האַקט זיך איבּער ווי אַ פֿאָדעם“, פּרץ, ,דער סימן'.

2. זיך (איבּער)קרייצן. וואו די וועגן האַקן זיך איבּער. ,,צוויי גלײַכע ליניעס האַקן זיך איבּער פּערפּענדיקולאַר“, גוטנ.

איבּערהאַקעכץ — דאָס (די), ־ן. 1. אַקט

אָדער רעזולטאַט פֿון איבערהאַקן (זיך). 2.
שטערונג. ,,זעקס א'ן געפֿינען זיך אין דער
פֿאַלשער וועלט,,, דלוגאַטש, די וועלט־מסורה, וואַר
שע 1881. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבערהאַר — דער, ־ן. אייבערהאַר (←.).
האַר איבער האַרן. דער א, איבער אַלע וואַסאַלן.
,,ווען דער רײַטער דאז פּפֿערד צווינגן קאַן מיט
דעם צוים אין זײַנר האַנד צו לענקן אונ,
וועגדן נאָך זײַנם ווילן נאָך אַזו איז ער דז פּפֿערד
זײַן איבר הער", עפּש, דרך הישר לעולם הבא,
פּפֿדמ תּמ,,ה?
איבערהאָר — די, מצ ווי אצ. איבעריקע
האָר. האָר אויף אַן אָרט וואו האָר דאַרף ניט
זײַן. אַ שוואַרצפּוּקע מיט א, אויף דער
אייבערשטער ליפּ.
איבערהאַרבסט(יק)ן — אוטוו. האַרבסט(יק)
איבער, ~געהאַרבסט(יקט). איבערזײַן דעם
האַרבסט. איבערזומערן און א, אין דאָרף. לאָזן
די עפּל א'.
איבערהאַרבעריקן — אוטוו. ־ריק איבער,
~געהאַרבעריקט. 1. בלײַבן אין אַ האַרבעריק,
אַכסניא, דירה. איבערשטיין, איבערזײַן (אין
אַ דירה). "זיא זײַנן נחשבֿ אַז דיא כּלבֿים...
זיא וועלן זיא ניט לאזין בײַא זיך איבר

האַרבּריגן אין הויז“, נצ1, בּמדבּר, ה/ב. „ווײַל איך
האבּ זעקשׂ קינדר, דא ווערט דער מאַן אַלשׂ
בּײַ מיר איבּר הערבּריגן“, צאינה, ויצא. „זיא
[די נשמה] איז אין דײַן גוף פֿרעמט גלײַך אַז
איין אילענדיר איז זיא אין דײַן הױשׂ איין
גיזאמילט, אויך גלײַך אַז איין ארימיר גאשׂט
איז זיא גנייקט אין דײַן שוס צו איבּיר
הערבּערגין“, בּע, כט, א. “ווײַל איך האָבּ זעקס
קינדער, דאָ וועט דער מאַן אַלץ בּײַ מיר א',,,
צור, ויצא. 2. טרוו. אַרכ. בּלײַבּן לענגער
אויף אַן אָרט ווי אַ צווייטער. „אירי גישטלט
...ווערט צו רײַסן די גרובּ פֿון גיהנם...פֿון
צו איבּר הרבּריגן דען רשע, דהײַנו: זיא ווערן
לענגר דויארן ווערד דאשׂ גיהנם,,, סהמ, תּהלים,
מט, 15.
איבּערהאַרט — אדי. זייער האַרט. האַרט
אין דער העכסטער מדרגה. א'ער שטאָל. ־קייט
— בּאַשטראָפֿן מיט א'.
איבּערהאַרטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער,
~געהאַרטעוועט. 1. מאַכן צו האַרט. א, טייג,
אַז דאָס בּרויט זאָל זײַן ווי שטיין. 2.

פֿונאיבּערהוידען

דאָסנײַ האַרטעווען, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, דאָס אײַזן.
איבערהאָרכן — טרוו. האָרך איבער, ~ געהאָרכט. 1. ניט דערהערן. א, דעם לערערס לעצטע ווערטער. 2. אויסהערן אַ צאָל בײַם עקזאַמענירן. א, די רעקרוטן. א, די זינגערס.
איבערהאַרן — אַקוזוו. האַר איבער, ~ געהאַרט. 1. איבערוואַרטן, דורכוואַרטן די נייטיקע צײַט. „שלעכט איז נאָר דעם וואָס קען דאָס שלעכטע (קיין שלעכטס) ניט א,“, שוו. „אַז מע קען ניט א, דאָס שלעכטע, קען מען דאָס גוטע ניט דערלעבן„, שוו. “האָט ער איבערגעהאַרט אויף דעם בוים און איז נישט אַראָפּגעגאַנגען, ביזוואַנען ער וועט זיי זען צוריק אַרויסגיין“, פּמ, [בײַ אונז יודן, וואַרשע 1923]. 2. וואַרטן מער, לענגער ווי אַ צווייטער. א, אַלע אַנדערע חסידים און אָנקומען דער לעצטער צום רבין.
איבערהאָרעווען — אוטוו. ־רעווע איבער, ~געהאָרעוועט. מאַכן האָרעווען איבער דער מאָס (לענגער, שווערער). א, די שקלאַפֿן. מיט ז י ך — „וויפֿל איז דער שיעור זיך איבערצוהאָרעווען?“, רייד. „ער זאָל עסן און שלאָפֿן אין דער צײַט, זיך ניט א, אין בית־דין“, חג,

טמז, 21 5□19 □I.

איבּערהבֿלען — [...העוולען] אַקוזוו. הבֿל איבּער, ~געהבֿלט. סטוטש. איבּערקומען, איבּערמוטשען זיך. א, די שווערע צײַט און דערנאָך אַ לעבּ טאָן.

איבּער־הדרכה — [...האַדראָכע] די, ־כות. הדרכה, דערציאונג, טרענירונג אויף אַן אַנדער (נײַעם) אופֿן. „בײַ אונדז אין דער ישיבֿה וועלן די קינדער קריגן אַן א'־ה'“, רייד.

איבּערהובּלע(ווע)ן — טרוו. ־בּל(עווע) איבּער, ~געהובּל(עווע)ט. 1. איבּעראַנײַס הובּלע(ווע)ן. „איז געזעסן אין מתים־שטיבּל...און איבּערגעהובּלעוועט דאָס טהרה־בּרעט“, ייִט, טאָג, 2 .26 1958 □I. הובּלעווען אַ צײַט אָדער בּיזן סוף. 3. צו פֿיל הובּלעווען. א, אַ בּרעט, מאַכן צו דין. 4. איך פֿיג. א, די יונגען, מאַכן שטיקלעך לײַט פֿון זיי. ־עניש.

איבּערהוד(י)ען — ־ד(י)ע איבּער, ~ געהוד(י)עט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט, אַ סו מאָל הוד(י)ען, זשומען, אַרויסגעבּן לאַנגע, צעצויגענע קלאַנגען. א, ווי אַ פֿאַראָכאָד. טרוו — איבּערשטײַגן בײַם הודיען. „די פֿאַבּריק הודיעט איבּער די געשרייען און דאָס געטומל פֿון די אַרבּעטער“. ־עניש.

איבערהוזשען — אוטוו. ־זשע איבער, ~
געהוזשעט. 1. הוזשען נאָכאַמאָל. דער דאַמפּער האָט איבערגעהוזשעט. 2. הוזשען און אויפֿהערן. 3. הוזשען צו פֿיל. אויך דזוו דפֿוו. ־עניש.

איבערהוידען — טרוו. ־דע איבער, ~
געהוידעט. 1. הוידען, וויגן איבעראַנײַס, נאָכאַמאָל. א, די קינדער. 2. הוידען צו פֿיל. „וועסט א, דאָס קינד, דאָס קעפּעלע וועט זיך אים פֿאַרדרייען“, רייד. 3. הוידען אַ צײַט אָדער ביזן סוף. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

איבערהויען

איבערהויען — טרוו. הוי(ע) איבער, ~
געהוי(ע)ט. אַרכ. איבערהאַקן. אויסדאָלבען (פֿון אינעווייניק). „אַך איין שטייני מערשל מאג מן וואול כשרן, אבר עש ווער גוט מן איבר הויאט אין פֿ[ר]יר„, ספֿר המ◌הגים, אָמשט 1723, יג/ב.

איבערהויפּט — אַדוו. < פֿרידײַטש. 1. דורכויס, אינגאַנצן. „איך בין א, שטענדיק פֿאַרנומען“, רייד. “א, בין איך שטענדיק זייער באַשעפֿטיקט...מע לאָזט מיר ניט אויסרוען„,

ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. „מע זאָל א,
אונטערשטיצן דאָס ייִדנטום מיט אײַנקויפֿן
ספֿרים“, דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ,
באַרדיטשעוו 1897. „ער איז א, ניט קיין פֿרומער,,,
ראַבאָי, אייגענע ערד. „....אָפּקערן...די תּאווה
פֿון זײַן האַרץ אין דער פֿאַרקערטער זײַט,
אינגאַנצן און א, אין דער זײַט פֿון קדושה,,,
תּניא, לג.

2. צוזאַמען מיט נ י ט — לחלוטין ניט.
„איך זאָג א, קיין ליגן ניט“, רייד. „דאָס
געוועהנטליכע אויסלעגן לאָזט זיך איבער הויפּט
גאָר ניט אַרינטערנעהמן אינטער כּללים“, י.
מ. ליפֿשיץ, באַרדיטשעוו תּרכ״ט.

3. בּכלל, בּכּלל; בּדרך כּלל, אין אַלגעמיין.
„די פֿראַגע פֿון 'ייִד און מענטש, איז דאָ ניט
— ש ייִדישע, נאָר א אַ פֿראַגע פֿון
קיין ספּעציפֿי ,
מענטש און זײַן שטעלונג צו רעליגיאָן“, זשיט
II, נ״י 1912. ״דער חודש אלול...איז א,
אַ צײַט, ווען פֿאַר ייִנגלעך שטעלט זיך דער
גרויסער יריד,,, ממוס, ווינטשפּ. ״א, איז זי
זייער צופֿרידן געווען מיט [זײַן]...
באַקאַנטשאפֿט“, טפּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „עס איז א,
-

ניט ראַטזאַם אַז די פּרוי זאָל כּסדר
אונטערטראָגן אַפּלאָדיסמענטן צו איר מאַן,,, טמז,
.XI 19□4 15

4. דערעיקר, בעיקר. דערהויפּט. אין דער ערשטער ריי. ,,מײַן קול איז גאַנץ ריין, איך זינג...שיין, א, עס זאָל די ווײַבער געפֿעלן,,, א. בּ. רוף, דער שיכּור..., וואַרשע 1871. ,,דער איבּערגאַנג פֿון יום־טובֿ צו וואָך לאָזט זיך א, שווער פֿילן דעם ייִדן,,, ממוס, שלמה. ,,...ווי צו פֿירן זיך, ווי צו האַלטן זיך און א, ווי צו ערציִען קינדער“, מ, בּ, ר, ד, [מ. כּ“ץ], דער קאַראַבּעלניקל, ווילנע 1900. “אינעם רובֿ יאַפּאַנישע דרוקן, א, אין די צײַטונגען, טרעפֿט מען אַן אויסמיש פֿון יאַפּאַנישע טראַפֿן־צייכנס מיט כינעזישע ווערטער־צייכנס,,, מוו, שוואַרצע פינטעלעך.

5. ספּעציעל (אַזוי ווי בּ4, נאָר מער אַרויסגעהויבּן). ,,אויך פּירות זאָל מען ניט פֿיל עסן

לבֿ/ב. ,,טאַטע, זאָג, עסן א, ייִדן קנאָבּל

, א, זויערע פּירות זײַנען זייער ניט געזונט,,,
דוא,
און ציבּעלעס?“, ממוס, 'אַ גרויע האָר'. ,,א,
דאָס אויסגעלייגטע קעלנערל געפֿעלט נישט דעם

רבּין“, וויס I, 'פֿון רבּינס שטוב'. „זײַנע שריפֿטן פֿון יענער צײַט, א, די 'פֿלאָרענטינישע נעכט', צײַגן...„, מר, 'היינריך הײַנע'.

איבּערהוי'פּן ־ טרוו. ~הויף(?), ~הוי'פּט.

דטשמ. נר. אַרויפֿוואַרפֿן, בּאַלעסטיקן. טאָן חסדים (איר). „זײַ געלויבּט גאָט פֿון ישׂראל, הער פֿון דער וועלט, וואָס איבּערהויפּט מיט

921

זײַנע גרויסע חסדים די קינדער ישׂראלס“, קמ, .No ,l8(7 11

איבּערהולטײַעוועט — אוטוו. ־טײַעווע איבּער, ~(גע)הולטײַעוועט. זיך אויפֿפֿירן ווי אַ הולטײַ, זײַן אַ הולטײַ אַ לענגערע צײַט, אין אַ סך ערטער. א, אין די שענקען. א, וואו מע קומט נאָר. מיט ז י ך.

לר: ~הו .גען. אוטוו — ־]. צו פֿיל,

איבּערהולי — ־ליע איבּער, ~געהוליעט.

צו לאַנג, צו שטאַרק הוליען. א, גאַנצע נעכט [צײַט־אַקוז]. 2. מיט ז י ך — הוליען און אויפֿהערן. ניט קענען מער הוליען. טרוו

— נאָכאַמאָל, פֿונסניי דורכפֿירן אַ הוליאַנקע.
א, דעם חבֿרס צוריקקומען פֿון מיליטער.
־עניש.
איבֿערהונגערן — אוטוו. ־ער איבֿער, ~
געהונגערט. אוטוו — צו פֿיל, צו לאַנג, צו
שטאַרק הונגערן. א, די זיבֿן שלעכטע יאָר.
„ער האָט געַנוג איבֿערגעהונגערט, איידער ער
האָט דערזען זײַן דיפּלאָם“, רייד. טרוו —
מאַכן שטאַרק הונגעריק. א, די געסט איידער
מע דערלאַנגט צום טיש. מיט ז י ך.
איבֿערהוסטן — אוטוו. הוסט איבֿער, ~
געהוסט. הוסטן אַ סך מאָל, אַ לאַנגע צײַט. „וואָס
ער האָט איבֿערגעהוסט יענע נאַכט!“, רייד.
אויך מיט ז י ך.
איבֿערהופּן — טרוו. הופּ איבֿער, ~געהופּט.
פֿפֿ: ~היפּן. 1. אַריבֿערשפּרינגען,
איבֿערשפּרינגען. טח, באר משה, באר התּורה, מלל
פֿאַרטײַטשן 'ופסחתּי, (שמות, יב, 13): „איבֿר
הופּין„, „איבֿר הופּן“; תּי: „וועל איבֿערהיפּן“.
מיט דעם בֿ אויך אוטוו — א, איבֿער אַ
צווײַגל. 2. דורכלאָזן, איבֿערשפּרינגען בײַם
לייענען אָדער שרײַבֿן. א, בײַם לערנען, בײַם
דאַווענען. „דער זעצער האָט איבֿערגעהופּט אַ גאַנצע
שורה“, רייד. „אָרן זיא בכּוונה אַז ווער עשׂ

אַל טאָג יום כּיפּורים...קיינר איבּר הופּפּט איין וואָרט,,, ספּר משלים, קוא בּוך, לא/ב. ,,בּמצא וועז ער איז (מדלג) איבּר הופּפּט איין וואָרט, איז ער מחריבֿ איין עולם דערמיט“, נצ1, דבֿרים, לז/ב. “אַך גיהערט מן אַלע פּסוקים צו זאָגן, ניקשׂ צו איבּר הופּפּן,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, פּפּדמ תּס“ד, עג/ב. ,,דאָך מוזן די אַלע שטיקער הן אין עין־יעקבֿ הן אין משניות וואָס ריידן עפּעס פֿון דעם ענין אישות (פֿון מאַן און ווייַבּ) איבּערגעהופּט ווערן“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887.

3. פֿאַרפֿעלן בּײַם לערנען, דורכלאַזן בּײַם ציילן (אָן אַ כּיוון אָדער בּכּיוון). א, אַ דאַטע. א אַלע צאָלן מיט דרײַ אָדער וואָס טיילן זיך

אויף דרײַ. א, אַ גאַנצע עפּאָכע בּײַם לערנען געשיכטע. 4. דורכלאָזן בּײַ אַן אַרבּעט. א, אַ קאָנווערט בּײַם אָנקלעפּן מאַרקעס. א אַ

פֿינגער בּײַם שנײַדן די נעגל. אויך מיט ז י ך — פֿון זיך, אָן אָנווײַז אויף דער סיבּה. ־עכץ. ־עניש.

איבּערהוקען — ־קע איבּער, ~געהוקעט.

אוטוו — 1. ווידער, נאָכאַמאָל שרײַען, רופֿן הור־הו. 2. איבערבלאָזן מיטן אָטעם.

איבעראיבערהייכן

דעכען. א, אויף אַ שפּיגל, אַ שויב. א, אויף די פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער. טרוו — שרײַען שטאַרקער, איבערשרײַען עמעצן מיט הו..הו. „זעסט, איך קען דיך א',„ רייד (קינד). מיט ז י ך — 1. קזוו. א, זיך פֿון ביידע זײַטן טײַכל. 2. הוקען און אויפֿהערן, ניט קענען מער הוקען. ־עניש.

איבערהיטן — טרוו. היט איבער, ~געהיט. 1. היטן אַ געוויסע צײַט. געבן אַ גוי איבערצוהיטן די זאַכן ביז נאָכן פּאָגראָם. 2. היטן אַ סך, אַ לאַנגע צײַט. א אַלע פֿרעמד קינדער ,

און ניט דערהיטן דאָס אייגענע קינד. אויך מיט ז י ך.

איבערהייבן — טרוו. הייב איבער, ~ געהויבן. 1. איבערשטעלן, איבערטראָגן הייבנדיק. א, דעם שטול אין יענעם ווינקל. 2. (

קאָרטנשפּיל) אויפֿהייבֿן די אייבערשטע קאָרטן פֿון
צעטאַשטער טאַליע און זיי לייגן אונטן. „די
לעצטע האַנט דאַרף א,“, רייד. 3 □ דערהייבֿן צו
אַ בעסערער פּאָזיציע. (אויפֿ)הייבֿן צו אַ
העכערער מדרגה. מאַכן פֿײַנער, מאָראַלישער. □ א,
עמעצן אויף אַ העכערן אַמט. „אויבֿ יע נעמען
דאָס קעגנווערטיקע, איז א, עס איבער זיך
אַליין“, הל פֿרײַהייט, 1924 □ 17. 4. הייבֿן
נאָכאַמאָל. „טאַטע, הייבֿ מיך איבער!“, ו־ייִד
(קינד). 5. מגזם זײַן, צו שטאַרק לויבֿן. א,
דעם אַקטיאָר. 6. העכערן איבער דער מאָס.
א, די פּרײַזן. 7. לאָקל (ווילנע). דזוו
איבערהיפּן. „דו האָסט איבערגעהויבֿן דרײַ זײַטלעך“,
רייד. אויך מיט ז י ך (בײַ גימנאַסטיק).
איבערהייבֿן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
טראָגן עפּעס וואַס איז זייער שווער, וואָס איז ממש
איבער די כּוחות אויפֿצוהייבֿן. א, זיך מ י ט
די זעק מעל. 2. בכלל טאָן עפּעס איבער די
כּוחות. א, זיך ב ײַ אַן אַרבעט. 3.
אונטעררײַסן זיך, קריגן אַ שבֿר, ווערן געבֿרעכט.
„ער האָט זיך איבערגעהויבֿן און מע האָט
אים געדאַרפֿט אָפּערירן„, רייד. 4. זיך

איבּערנעמען, אַרויסווײַזן גאווה, גדלות. ער האָט ניט מיט וואָס זיך איבּערצוהייבּן. „מיט קליינע קינדער טאָר מען זיך ניט א', מיט גרויסע קינדער איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבּערצוהייבּן“, רייד. „מיינסטו גאָר האָסט געטאָן גרויס גוטס האָסט דיך גאָר איבּערגעהויבּן און ווילסטו...
מע זאָל דיך דערפֿאַר לויבּן“, עט, לידער.
5. ווערן צו לאַסט. „און דער היישעריק וועט זיך א'“, מס, קהלת, יב, 5 [= 'ויסתבּל החגבֿ].
־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (= אויך: הייבּמאַשין).
איבּערהײַזערדיק — אַדי. 1. וואַס איז איבּער הײַזער. די א'ע קוימענס. 2. נעאָל. וואָס האָט אַ שײַכות צו גיין איבּער די הײַזער. „און זיך געלאָזן איבּער דער וועלט. די שאַנד פֿון זײַן א'ן וועג האָט מיך קוים דערגרייכט„,
י. ראָלניק, גש, אַ פֿלעק'.

איבּערהייכן — ׳טרוו. הייך איבּער, ~ געהייכט. נעאָל. מאַכן העכער, געבּן אַ העכערן ראַנג. „מע דערציילט אַז מע האָט אים איבּערגעהייכט איבּער פֿערצן אַנדערע גענעראַלן, ווען מע האָט אים געמאַכט פֿאַרן הויפּט־קאָמאַנדיר“, רייד.

איבֿערהייליק

איבֿערהייליק — אַדי. 1. וואָס איז הייליק אין זייער אַ הויכער מדרגה. ער איז געווען אַן א□ער. 2. וואָס איז צו הייליק, איבֿעריק הייליק.

איבֿערהײַליק — אַדי. דזוו איבֿעראײַליק ←.
„דערום זאָל דער מענטש ניט א, זײַן צו ענטפֿערן“, י. ל. יאָסעלאָוויץ ארבֿז, תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל"ו.

איבֿערהייליקן — טרוו. ־ליק איבֿער, ~ געהייליקט. 1. אַרכ. מאַכן הייליקער, מער הייליק ווי אַ צווייטן. „איך האבֿ דיך איבֿר הײלגט“, סהמ, ישעיה, סה, 5 ['קדשתּיך']. 2. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ הייליקן. א אַ מאַרטירער
,
פֿאַרן גלויבֿן.

איבֿערהיילן — טרוו. הייל איבֿער, ~געהיילט.
1. היילן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, עמעצן וואָס מע האָט ניט געקענט דערווײַל אויסהיילן. 2. איר. פֿאַרערגערן אַ קרענק דורך היילן. א, עמעצן און מאַכן פֿון אים אַ קאַליקע אויפֿן גאַנצן לעבֿן. אויך מיט ז י ך — א, זיך בײַ אַ צענדליק דאָקטוירים.

איבערהײַלן — הײַל איבער, ~געהײַלט. 1.
דזון איבעראײַלן (זיך) ←. 11. איבערשרײַען,
איבערוואָיען, איבערווײינען (וועגן וועלף,
היענעס אע).

איבערהייסן — אוטוו. הייס איבער, ~
געהייסן. הייסן טאָן אַן אַנדער זאַך. בײַטן אַ
פֿריִערדיקן באַפֿעל. „די מאַמע האָט טאַקע
געהייסן, אָבער דער טאַטע האָט איבערגעהייסן“,
רייד (קינד).

איבערהייסן — טרוו. הייס איבער, ~
געהייסט. מאַכן צו הייס. א, די וואַנע, דעם
קאָמפּרעס. א, דאָס וואַסער צו גאָרגלען.

▯

איבערהייסן — טרוו. הייף איבער, ~(גע)־
הייפּט פֿרגל איבערהויפּן. אָנהויפּן פֿאַרמערן

. ,

אָדער אַרויפֿוואַרפֿן. מלל פֿאַרטײַטשט 'אספּה
עלימו רעות, (דברים, לבֿ, 23): „איבּר הייפֿין,,
[תּי: „אויסלאָזן אויף זיי בייזן“]. שווב
פֿאַרטײַטשט ספֿה — „מערין, איבּר הייפֿן,,..

איבערהייצן — טרוו. הייץ איבער, ~געהייצט.
1. הייצן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א, דעם אויוון

צו באַקן ברויט. „אין אַזאַ קרירה דאַרף מען
אין אָוונט א, דעם אויוון„„ רייד. 2. הייצן צו
פּיל. א, דעם אויוון, אַז מע זאָל צעפּאַרעט
ווערן. 3. הייצן זעלטן אָדער קאַרג, וויייניק.
א, דעם אויוון, די ציגל זאָלן ניט פֿאַרפֿרוירן
ווערן.

־ונג — „אַחוצדעם שיצט דעם קערפּער פֿון
א, דער שווייס„„ דר, י. איפּ, פֿגעז, פּאַריז
2 1948, No. ־עכץ. ־עניש. ־ער.

איבערהילכן — הילך איבער, ~געהילכט.

טרוו — איבערשטײַגן עמעצן אָדער עפּעס אין
הילכן; הילכן שטאַרקער פֿון אַנדערע. א, מיטן
באַס־קול אַלע מתפּללים. „דער הימל האָט
זיך דראָענדיק צעקראַכט, דעםווינט
איבערהילכנדיק„„ יחיאל לערער, מײַן היים. „די פּופּציק
שאָסן...האָבן ניט געקאָנט א, די לעצטע
אויסרופֿן פֿון די...פֿאַלנדיקע [קעמפּערס]“, פֿאַש,
1952 ◌ִי 9. אוטוו — ווידער, פֿונדאָסנײַ הילכן.
דער עכאָ הילכט איבער אין די בערג. אויך

◌ִ מיט ז י ך — קזוו. איבעררופֿן זיך. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.

איבערהילן — טרוו. היל איבער, ~געהילט
איבערדעקן, איבערציִען פֿון אויבן מיט אַ
הילע, אַן איבערצי. „א, זאָל [דעם טאָג] אַ וואָלקן‟,
פּרץ, לידער און פּאָעמען. „אירע רונדע אַקסל
מיט דעם האַלדז זענען געווען איבערגעהילט
מיט אַ געשטריקטן הימל־קאָלירטן שאַל‟, אָפּאַ,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. מיט ז י ך. ־ונג.
איבערהיניען — אוטוו. ־ניע איבער, ~
געהיניעט. וורר. ווי ניט איז זיך אויפֿהאַלטן אַ
לענגערע צײַט אויף אַן אָרט (און דערבײַ זיך
נודיען). א, דעם גאַנצן ווינטער אין פּיצעלע
שטעטעלע.
איבערהינקען — אַקוזוו. הינק איבער, ~
געהונקען (אויך: ~געהינקט). אַריבערגיין
הינקענדיק. א, די גאַס.
איבערהיסטאָריש — אַדי. וואָס איז מער,
העכער ווי הי טאָריש. „דער לעצטער יסוד
פֿון ספּינאָזאַס א'ער באַדײַטונג‟, קאָר I. „מיר
פֿאַרגעסן ניט...די א'ע גאולה פֿון דעם
לעתידלבֿא‟, ימ, אונדזער ש ול, מעקסיקע 1948.
־קייט.
איבערהיפּלען — דזוו איבערהיפּן,
איבערהיפּערן.
איבערהיפּן — היפּ איבער, ~געהיפּט. דזוו

איבערהופּן (←). אויך אין לר, אין ליטרש.
אין פּר, אוקר. צום בּ1: מ t פֿאַרטײַטשט
,ופֿסחתּי, עליכם (שמות, יב, 13): ,,און, איך
וויל איבּר היפּן,,. ''האָט געשוועבּט און האָט
איבּערגעהיפּט איבּער די ישׂראל אין מצרים,,,
מחזור מן שלש רגלים, ח''בּ, טשערנאָוויץ
תּר''ח. ,,די פֿייגעלעך...פּרוּוון א, פֿון איין שפּיץ
שינדל אויפֿן אַנדערן'', ווײַס, אַ שטעטל. צום
בּ2: ,,האָט מער נישט איבּערגעהיפּט די שורות
פֿון אָט דעם בּריוו'', ייִז,...קארנאָווסקי. ,,גאַנצע
זאַצן ווערן דאָרט איבּערגעהיפּט אָדער
איבּערגעזאָגט מיט...אייגענע ווערטער,,, שנ, שלום אַש.
צום בּ3: ,,עס זאָל זיך א, דער טאָג אין וועלכן
עס דאַרף זײַן דער בּרית בּײַ דעם נשׂיאס

.

קינד'', צ. נ. גאָלאָמבּ, דער פֿערבּאָטענער בּרית,
ווילנע 1894.
־ונג — אויך: איבּעררײַס. איבּערשפּרונג.
דורכלאָז. ''אַז אַ זאַך איז פֿאָרגעקומען כּסדר
אָן א', זאָגט מען...'', יע, דאַוונען. ,,האָבּ איך
גענומען לײַדן פֿון א, פֿון דעם קלאַפּעניש אין
האַרצן,,, טמז, 24 1965 II ־עכ ן. ־עניש

.

— ,,איך ציטער מיט א',,, הל, טמז, 16 1954 I.
איבערהיפערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געהיפערט. אויך: ~הופערן. דזוו
איבערהופן (←.), איבערהיפן. [נבֿ אין דער אַלטער
ליטעראַטור; ניטאָ אין לד; כאַראַקטעריסטיש
פֿאַר פד, אוקר. אָפֿט אין ליטרש פֿון 19. & 20.
י״ה] צום בֿ1: ״דיַינע ליַיטזעליקע ישׂראל האָסטו
באַדעקט און איבערגעהיפערט צו דערבאַרעמען,,,
מחזור לשלוש רגליס, סלאַוויטע 1832, עד/א.
,,האָסט איבערגעהופערט און קלענער געמאַכט
דאָס גלות פֿון מצרים״, מחזור מן שלש רגליס,
ח״ב, טשערנאָוויץ תּר״ח. ,,די קראַנקייט וועט
א, זייערע היַיזער״, טמז, 4 1964 XII.

איבערהירזשען

צום בֿ2: ,,נמצא אַז ער היפערט איבער איין
וואָרט [אין קריאת־שמע] איז ער מחריבֿ העולם
דערמיט,,, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ,,ג [אין ווילנער
אויסגאַבע פֿון תּרמ״ג: היפּט איבער]. ,,ער זאָל
ניט דאָוונען אויסנווייניק, נאָר פֿון דעם סידור,
פֿון וועגן ער זאָל ניט קומען מבֿליע צו זיַין
אָדער איבערצוהיפערן ח״ו איין אות אָדער
איין וואָרט״, ר, משה בר, נתן נטע איבֿז,

שבָּט מוסר, סודלקאָוו 1833. „אויסער נאָר וואָס זיי האָבּן זיך מתּיר געווען איבּערצוהיפּערן געוויסע שטיקלעך פּיוט“, ממוס, ווינטשפֿ. „ער שטעלט זיך מאַכן קיווש און זאָגט: ,יום הששי השמים והאָרץ, — און 'ויכולו, איפּערט ער איבּער„, חײַקל ממזר־קאָפּ, באַרדיטשעוו תּרס„ט.

צום בּ3: „בּײַם רעכענען די טעג בּיז דער וואַקאַציע פֿאַרגעסט ניט איבּערצוהיפּערן די שבּתים און די זונטיקן„, רייד.

צום בּ4: „שנײַדן די נעגל כּסדר, נישט א, אַ פֿינגער איבּער אַ פֿינגער„, ממוס, קליינמענטשעלע. „ער האָט זיך געשניטן די נעגל נישט איבּערגעהיפּערט„, פּרץ, ,בּײַם גוסס צוקאָפּנס,.

„וואָס טוט מען דאָ הײַנט? זאָל מען באָטשאַטש א, און ווײַכן [דעם] אַבֿ הטומאה — איז עפּעס נישט שיין„, 'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ].

־ונג — „ער האָט געוואַשן די הענט מיט אַן א', ווי דער דין איז: דרײַ מאָל באַגאָסן די רעכטע האַנט און דרײַ מאָל די לינקע“, באַש, פֿאָר, 14 1960 X.

איבּערהיציק — אַדי. זייער היציק; איבּעריק היציק. א, אָננעמען אַ באַשלוס. „אַן א'ער, שרײַט ער און טומלט, ווען מע דאַרף זײַן שטיל“, רייד. ־יקייט.

איבערהיצן — טרוו. היץ איבער, ~געהיצט.
1. מאַכן צו הייס. א, דעם פּרעסאײַזן, אויוון.
,,כּדי עס זאָל ניט איבערגעהיצט ווערן פֿון
דער וואַרעמקייט, וואָס ווערט פּראָדוצירט
אינעם קערפּער“, דר, י. גל ן, פּאַר, 30 1965 II.
2. צו פֿיל רייצן, העצן. א, עמעצן, מאַכן
אַז ער זאָל שפּרינגען פֿון דער הויט. מיט
ז י ך — 1. רעפֿל. 2. אוטוו. אויפֿהערן זיך
קאָכן. [איבערהי'צט — נר. איבערגעהיצט.]
־ונג — ,,דער אָרגאַניזם שיצט זיך פֿון א'...
דורך שטאַרקערן שוויצן,,, דר, י. איפּ, פֿגעז,
פּאַריז 3 1948, No ־עכץ. ־עניש. ־ער
.
— אויך: אַפּאַראַט וואָס ברענגט אַרויס
שטאַרקע היץ.
איבערהיקען — ־קע איבער, ~געהיקעט.
אוטוו — נאָכאַמאָל אָדער כּסדר אַרויסברענגען
קלאַנגען הי־הי. טרוו — 1. איבערשטאַמלען.
א, מיט צרות עטלעכע ווערטער. אויך מיט
ז י ך. 2. איבעריאָגן, איבערטרײַבן מיט
קלאַנגען ענלעכע צו הי־הי. א, די פֿערד, זיי זאָלן
ווערן צע(ס)פּוזשעט. ־עכץ. ־עניש.
איבערהיר שען — ־זשע איבער, ~
געהירזשעט. אוטוו — נאָכאַמאָל אָדער כּסדר

אַרויסבּרענגען קלאַנגען (וועגן פּערד). צו פּיל, צו
לאַנג הירזשען. טרוו — פּעיאָ. לאַכן שטאַרקער
ווי אַ צווייטער. נאָכמאַכן עמעצנס לאַכן. „זאָלן
זיי לאַכן, זאָל זיי וואויל בּאַקומען, דו דאַרפּסט
זיי ניט א"‚ רייד. מיט ז י ך — 1. קזוו.
איבּעררופּן זיך דורך הירזשערײַ. „ווי ס'הירזשען

איבּער־הכנעה

זיך איבּער פּרילינג־צײַט אַן אָגער מיט אַ
קליאַטשע", רייד. 2. אוטוו — הירזשען און
אויפֿהערן ־עניש.

·

איבּער־הכנעה — [...האַכנאָע] די, ־עות. צו
בּולטע אָדער איבּעריקע הכנעה;
איבּערגעטריבּענע עניוות. „הכנעה קען אפֿשר אויך זײַן
אַ גוטע מידה, אָבער א'־ה, איז אַלעמען
דערווידער„, רייד. ־דיק — אַדי.
איבּער־הכרעה — [...האַכראָע] די, ־עות. צו
גרויסער עודף, צוגאָב, צולאָג, איבּערוואָג.
איבּערהלכע(נע)ן — [...האַלכען] אַקוזוו.
הלכע, הלכן איבּער, ~געהלכנט, ~געהלכעט.
(מיט ביטול) גיין אַ סך, הין און צוריק. א, די
בּרייטע גאַס אפֿשר צען מאָל.

איבּער־המצאה — דזוו אײבּער־המצאה ←.
־דיק — אַדי.
איבּער־הנאה — [...האַנאָע] די, ־אות. גאָר
גרויסע, שטאַרקע הנאה. די הנאה וואָס מע
האָט אַליין געוואונען און די א'־ה, וואָס יענער
האָט פֿאַרשפּילט. ־דיק — אַדי.
איבּער־הסבּרה — [...האַסבּאָרע] די, ־רות.
1. הסבּרה, אויסטײַטש, וואָס איז צו קונציק,
צו פֿיל געדריי(דל)ט. אַן א,־ה, וואָס לייגט זיך
גאָרניט אויפֿן שׂכל. 2. קאָפּשטיק,
איבּערהמצאה. ניט קיין פּשוטע זאַך, נאָר אַן א'־ה'.
־דיק — אַדי.
איבּערהעכערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געהעכערט. 1. איבּערשטײַגן. א, אַלע חבֿרים
אין לערנען. 2. צו פֿיל העכערן. א, פּרײַזן.
א, לוין איין אָנגעשטעלטן און גאָרניט געבּן
קיין הוספֿה אַלע אַנדערע. 3. מאַכן עמעצן
העכער, וויכטיקער ווי מע דאַרף. א, דעם חונף.
4. אויסשטײַגן, איבּערשטײַגן. א, אַ צווייטן
בײַ אַ ליציטאַציע. מיט ז י ד — אַרויסשטעלן
זיך מיט גדלות. זיך (אומזיסט) איבּעתעמען.
־ונג. ־ניש.
איבּערהע'לפּט — אַדוו. דזוו איבּער דער
העלפֿט. צעשנײַדן אַ לעבּל בּרויס א'. "ווי

זי האָט נאָר אָנגעהויבן צו שפּילן האָט מיטאַמאָל געפּלאַצט איין סטרונע א'“, ג. י. ראַוויטש, די גוטע הדרכה, ווילנע 1877.
איבּערהעלפן — אוטוו. העלף איבּער, ~

געאויך זײַן די פּאַסיווע קאָנסטרוקציע. ד פן האָלפן. אָביעקט אין ד אַ ט י ו ו, ד ען . הע

אַ לענגערע צײַט אָדער אַ סך. א, דער מוטער דער אַלמנה. א, אַ שטאָט קבצנים, נצרכים.
2. צו פיל העלפן. „פין הינן לערינט מאַן, דער זײַן קינד ניט שטראָפט אַדר מכל שכן אַלשׂ איבּר העלפט, דא ברע

3. אַרכ.

העלנגט ער אַן צום

טוט“, סהמ, מלכים א, פּב/א.
פן גובר זײַן, בײַקומען. „אים גשמייכלט האָט מיט זײַן ריד [= ריי] אונ, האָט אים אַלז ביז [= בּייז] איבּר האָלפן„, סהמ, משלי, כח, 23. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
איבּערהעמד — ← אייבּערהעמד.
איבּערהענגען — טרוו. הענג איבּער, ~ געהאַנגען. אויך: ~געהאָנגען (פּד אויך: ~ געהענגט). 1. (אויפ)הענגען איבּער עפּעס. א, וועש איבּערן פּלויט. א, די ביקס איבּער דער

פלייצע. 2. לאָזן הענגען אַ געוויסע צײַט.
לאָזן די וועש איבערהענגען איבער דער נאַכט.
3. אַראָפּנעמען פֿון איין אָרט און אויפֿהענגען
אויף אַן אַנדער אָרט. א, די בילדער אויף די
ווענט. א, די קליידער אין שראַנק. 4.
הענגען נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן. „דער
שטריק האָט זיך צעריסן און מע האָט דעם
אומגליקלעכן איבערגעהאָנגען,,, רייד.
־עכ￼ן. —עניש.

-

איבערהעפֿטן — טרוו. העפֿט איבער, ~
געהעפֿט (~געהאָפֿטן). 1. העפֿטן, שטריקן
אויפֿסנײַ. „איין מאָל אין יאָר פֿלעגט מען א,
דאָס שטערגטיכל און דאָס גאָר וואוילהאַבנדע“,
ארז, קמ, 2 .4 1866, No. העפֿטן אַ לענגערע
צײַט, אַ סך. א, אַלץ נײַע און נײַע מוסטערן.
־ונג.
איבערהעצן — טרוו. העץ איבער, ~געהעצט.
1. העצן אויפֿסנײַ. 2. העצן אַ לענגערע

צײַט, אַ סך. א, די פּויערים קעגן ייִדן. 3. צו
פֿיל אָנרייצן, אויפֿהעצן, אָנהעצן. א, עמעצן
און אײַנקויפֿן זיך אַ דם־שׂונא ־עניש.

.

איבערהעצקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געהעצקעט. 1. נאָכאַמאָל, אויפֿסנײַ העצקען,
הוידען, וואַרפֿן אויף אַרויף. א, די קינדער
אויף דער הוידלקע. 2. צו פֿיל העצקען. א,
עמעצן, ביז דער קאָפּ הייבט אָן צו שווינדלען.
3. (אַקוזוו) דורכפֿאָרן, דורכרײַטן אַ מהלך זיך
העצקענדיק אויפֿן פֿערד אָדער אין וואָגן. א,
דעם גאַנצן וועג פֿון בריסק קיין טריסק. אויך
מיט ז י ך. ־עניש.
איבערהעקלען — טרוו. ־קל איבער, ~
געהעקלט. 1. העקלען אויפֿסנײַ. א, אַ לײַבעלע,
אַ שאַל. 2. העקלען אַ לענגערע צײַט אָדער
אַ סך.
איבערהער — דער, ־ן. 1. ← איבערהאַר.
← אייבערהאַר. 2. זייער אַ פֿײַנער הער.
„זײַן באַנעמען זיך! זײַן איידלקייט! אַן א'“,
רייד.
איבערהערן — טרוו. הער איבער, ~געהערט.
1. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן (בעסע□)
הערן. „איך האָב ניט גוט געהערט דעם ניגון,

איך וויל אים א',,, רייד. 2. (אוי□)הערן אַ גרעסערע צאָל (מענטשן). א, די זינגערס וואָס ווילן אָנקומען אין כאָר. ,,איך האָבּ שוין אין מײַן לעבּן איבּערגעהערט אַלע וועלט־חזנים וואָס האָבּן געשטערט גאַנץ ליטע,,, דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 3 .1881. אַ סך מאָל אָדער אַ דויערנדיקע צײַט הערן וויכטיקס אָדער אויסערגעוויינלעכס. ,,און וואָס איך האָבּ דאָרט... איבּערגעהערט און איבּערגעזען...וועל איך אײַך דאָ בּאַשרײַבּן לזכּרון,,, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס 1895.

4. ניט דערהערן, פֿאַרהערן. ,,אבּר ער מוז אויף איטליכי בּרכה אָמן זאָגן. אונ מוז וואָרט פֿאַר וואָרט צו הערן דז ער קיינשׂ ניט איבּר הערט'', לט1, כד/א. 5. הערן און ניט לייגן אַכט, ניט רעאַגירן אויף עפּעס וואָס מע הערט. ,,איין קלוגר מענש...ער און טוגינט איבּר הערין קאַן'', משלי בּלשון אַשכּנז, פּפֿדמ 1713. ,,וואָש פֿר איין גרושׂר שׂכר איז דר דאָ קיין

איבּערוואָג

---.

צענקער איז אונ קאָן איבּר הערן אונ איבּר
זעהן“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו
1796. ־עכץ. ־עניש.

איבּערהערשן — הערש איבּער, ~געהערשט.
אוטוו — הערשן אַ לענגערע צײַט אָדער איבּער
אַ גרויסער צאָל. א, איבּער אַ סך מדינות. א,
אין פֿאַראײן אפֿשר גאַנצע צען יאָר. טר־וו
— האָבּן אַ פֿולן קאָנטראָל איבּער עפּעס.
א, פֿון אַ בּאַרג דעם שׂונאס פּאָזיציעס. א,
אייגענע גלוסטונגען. מיט ז י ך — א, זיך
און אַוועקוואַרפֿן רייכערן. „אַזאַ אָרעם מיידל
זאָל זיך אַזוי קענען א, אָפּצוגעבּן דאָס גרויסע
רײַכטום וואָס זי האָט געפֿונען„, דער
גריידיצער, העפֿט 1, פּיעטריקאָוו [יאָר] ־ונג.

.

איבּערהרגענען — [...האַרגענען] טרוו. הרגע
איבּער, ~געהרגעט. אויך: ~הרגען. 1.
הרגענען, טייטן אַ צאָל. א, אַלעמען און ניט
איבּערלאָזן קיין לעבּעדיקן נפֿש. 2. שלאָגן,
אָנבּרעכן די בּיינער אַ צאָל. א, די ייִנגלעך
וואָס טשעפּען זיך צום בּרודערל. מיט ז י ך
— 1. אוטוו, ווי בּ2. א, זיך מיט די ייִנגלעך
און קומען אַהיים מיט בּלויע צייכנס. 2. קזוו.

3. זיך קריגן, פֿירן מחלוקתן. א, זיך מיט די רעדלפֿירערס.
איבּערהריז(ש)ען — טרוו. ־ז(ש)ע איבּער, ~געהריז(ש)עט. דזוו איבּערגריזשען. „אַליין ...אַ געפֿאַנגענער און איז גרייט איבּער אַ שמאַטע איבּערהריזען דעם האַלדז“, מ. לעIז, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No.
איבּער־השפּעה — [...האַשפּאָע] די, ־עות. שטאַרקע, בּולטע השפּעה. האָבּן אַן א'־ה, אויף אַלע תּלמידים.
איבּערוואָג — די, ־ן. 1. הכרעה. דאָס וואָס איז מער ווי די ריכטיקע וואָג בּײַם קויפֿן־פֿאַרקויפֿן. אָפּוועגן מיט אַן א'. געבּן (מיט) אַן א'. „ווען דו וועגסט אויף דער וואָג סחורה, זאָל די א, זײַן דײַן חבֿרס“, ספֿר חסידי , אָרט? תּק„ז? 2. שווערערער טייל פֿון אַ זאַך וואָס מע האַלט זי מער־ווייניק אין מיטן. די א, איז אויף איין זײַט און דאָס שיפֿל קען זיך איבּערדרייען. „זיי האַלטן די בּיקסן אין בּיידע אויסגעצויגענע הענט אויפֿן א',,   . בּרעגמאַן, דודך קריג און רעוואָלוציע II.
3. אויך ד ע ר. אייבּערהאַנט. דאָס וואָס איז אין אַ גרעסערער צאָל. א, אין (בּײַ) אַ פֿאַרמעסט. „ווער האָט דאָ די א': די יאָ־

זאַגערס אָדער די ניין־זאָגערס?,,, רייד. ,,קיין
גרופּע מענטשן זאָל ניט האָבן קיין בּרעקל
א, איבּער אַן אַנדער גרופּע“, זשיט. ,,
נומערישער א, פֿון די דרום־ייִדישע דיאַלעקטן,,,
מ. שעכטער, ייִשפּ XXII, 2. ,,אַ לשון מיט
ספֿק־מזרחדיקע שטריכן, אָבּער מיט אַן א,
פֿון מערבֿדיקע“, מוו, ייִשפּ XIII, 2־3. ה אָ בּ ן,
ק ר י ג ן די א'. 4. בּילכערקייט, העכערקייט,
גרעסערע וויכטיקייט. דאָס וואָס איז איכותדיק
בּעסער. ,,אַן א, ניט נאָר אין אינטעליגענץ,
נאָר אין נשמה־שפּאַנונג,,, בּ. ריווקין, צוק,
מאַרץ 1936. ,,די ייִדישע בּורזשואַזיע אין
שפּאַניע...האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע אירע...
עקאָנאָמישע א'ן“, זשיט I ▯ .

איבּערוואַגאָנירן

איבּערוואַגאָנירן — טרוו. ־ניר איבּער, ~
וואַגאָנירט. (סוחריש) אַריבּערבּרענגען פֿון איין
וואַגאָן אין אַ צווייטן. א, די סחורה וואָס קען
קאַליע ווערן. ־ונג.
איבּערוואָגיק — אַדי. וואָס איז זייער
וואָגיק. ,,נאָך אַזאַ א'ן אַרגומענט דאַרף מען קיין
אַנדערע ניט בּרענגען,,, רייד.

איבּערוואָגלען — אוטוו. ־גל איבּער, ~ געוואָגלט. 1. וואָגלען אַ צײַט אָדער בּיזן סוף, אָנקומען אין פֿאַרשיידענע ערטער. א, פֿון איין גלות אין אַ צווייטן. 2. ווידער, פֿונדאָסנײַ וואָגלען. 3. עמיגרירן. א, קיין אַמעריקע.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבּערוואַדזגען — טרוו. ־גע איבּער, ~ געוואַדזגעט. איבּערשמירן מיט בּלאָטע, שמוץ. א, דאָס פּנים און שפּילן אַ ציגײַנערקע.

איבּערוואויל — אַדי. זייער וואויל (איר בּײַטעם). „ס'איז וואויל, זאָגסטו? — ס'איז א,!“, רייד.

איבּערוואוינען — אוטוו. וואוין איבּער, ~ געוואוינט. 1. אָפּוואוינען אַ קורצע (געוויסע) צײַט. וואוינען ווי ניט איז (אין ניט קיין גאָר גוטע בּאַדינגונגען). „זײַנען זיי אָנגעקומען... מיט בּעטגעוואַנט, מיט קיכגעשיר און אײַנגעבּעטן זיך איבּערצוּוואוינען די שלעכטע צײַט“, (מחה סנה, נע־ונד. 2. וואוינען אין פֿאַרשיידענע ערטער. ־עכ ן.

איבּערוואו'נדן — אַדי, פּאַר איבּערווינדן ←. אַרכ. בּײַגעקומען. בּאַזיגט, דערדריקט. “דער יהודי דער דא פֿליכט [— אַנטלויפֿט], ווען ער

...איבּר וואונדן און, שוואַך ווערט", שי, אַמשט 1770.

איבּערוואונדערן — טרוו. איצ, איט▯ נבּ; ~(גע)וואונדערט. טאָן, אַרויסווײַזן עפּעס ניטגעוויינלעכס, אַז אַנדערע זאָלן זיך וואונדערן. א, עמעצן מיט פֿלינקייט, שיינקייט אע. מיט ז י ך — פֿאַרחידושט זײַן; נתפּעל ווערן. „דער קאַליף קען זיך גאָרניט א, איבּער די פּאַווע", טויזנט און איין טאָג, ווילנע 1878. א, זיך פֿון גאָטס נסים (...ניסלעך, שפּאַסיק). ־ניש.

איבּערוואתק — דער, ־ען. אַקט פֿון איבּערווינקען זיך. אַ פֿילבּאַטײַטיקער א'.

איבּערוואוקס — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס וואַקסט (אויס) און איז איבּעריק (אויך אַפֿילו שעדלעך). אַן א, פֿון קראָפּעווע. „ווען די א'ן פֿון קאַרטאָפֿל זײַנען צו הויך, האָבּן מיר קליינע קאַרטאָפֿעלעך", רייד. 2. קראַנקער אויסוואוקס. „אַז דעם גוף איז עפּעס, דערפֿילט בּאַלד די נשמה, און מע לויפֿט צו וועמען מע דאַרף, אַ צאָן אַרויסרײַסן, אָפּשנײַדן אַן א',„ פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 3. צו הויכער וואוקס. „אַליין איז זי אַ קליינינקע און גייט דווקא מיט אַ בּחור אַן א'", רייד.

איבערוואַזשען — טרוו. ־זשע איבער, ~
גערוואַזשעט. פר, מג, מעג. פּפּ: ~וואַזשעוען.
אַריבערוועגן, אַריבערציִען מיט דער משׂא.
א, עמעצן אויף אַ וויגברעט. „האָט עס איין
זײַט איבערגעוואַזשעוועט און מ'איז
אַרײַנגעפֿאַלן„, פּמ. ־עניש.

924

איבערוואַטעווען — טרוו. ־טעווע איבער,
~געוואַטעוועט. איבערבײַטן וואַטע אין אַ
מלבוש בײַם איבערנייען. א, אַ קאַצעווייקע אויף
ווינטער.
איבערוואָ'יעווען — אוטוו. ־יעווע איבער,
~געוואָ'יעוועט. 1. דורכשטיפֿן, אָפּשטיפֿן, ל2.
2. פֿירן מחלוקתן אַ צײַט און אויפֿהערן. א,
און ווערן צוריק נאַש־בראַט. 3. קאָמאַנדעווען
ווי אַ ווילדער יונג, זיך אויפֿפֿירן הפֿקרדיק און
אײַנשטילן זיך. אויך מיט ז י ך.
איבערוואָיען — אוטוו. ־יע איבער, ~גע
וואָיעט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער וואָיען. דער וואָלף
האָט עטלעכע מאָל איבערגעוואָיעט. 2. וואָיען
אַ צײַט און אויפֿהערן. א, און פֿאַרשטומט
ווערן. 3. וואָיען צו פֿיל, צו לאַנג. „דער ווינט

האָט אַ גאַנצע נאַכט איבערגעוואָיעט אין קוימען און ניט געלאָזט שלאָפֿן". מיט ז י ך — קזוו.

אי'בערוואַכן — אוטוו. וואַך איבער, ~ געוואַכט. זײַן וואַך, ניט קענען שלאָפֿן אַ לענגערע צײַט. „דו לייג זיך שלאָפֿן, איך וועל בײַם קראַנקן א, ביז ס'וועט קומען די קראַנקנשוועסטער", רייד. „אויפֿן גאָלדענעם בעט פֿלעגט דער מלך א, גאַנצע נעכט„ פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. ־ונג — לופּט־א'. ־עניש.

איבערוואַ'כן — טרוו. איבערוואַ'ך, איבערוואַ'כט. דטשמ. נר. 1. קאָנטראָלירן, נאָכקוקן, האָבן די השגחה; אינספּעקטירן. „...האָט פֿלײַסיק איבערוואַכט די אַרבעטער, זיי זאָלן גוט מאַכן„ ארז, קמ, 14 1868, No. „מ'האָט אײַנגעזעצט אַ גרענעץ־פּאָליציי, זי זאָל די אײַנוואַנדערונג א'„ יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע"ב, לעמבערג 1911. 2. אָפּהיטן. שטיין אויף דער וואַך. „אַ גאַנצע באַנדע מלאָכים וועלכע א, די יולדות מיט דעם ילד, אום זיי זאָלן חס־ושלום ניט ניזוק ווערן", דער לאַנד חכס, זש„ נ"י 1893, No 1. ־ונג — „די א, פֿון דער רעגירונג [אויף די שולן]„ קמ, 1866, No 30.

איבערוואַלאָריזירן — טרוו. ־זיר איבער,
~וואַלאָריזירט. איבערשאַצן. איבערפֿירן אין
אַן אַנדער (בעסערער) וואַלוטע. „אַ גרויסע
צאָל קאָאָפּעראַטיוון...האָבן גערן
איבערוואַלאָריזירט די וקלאַדן און אָנגענומען נײַע
וקלאַדן אין דאָלאַרן„, די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג,
וואַרשע 2 1926, No.

איבערוואַלגערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געוואַלגערט. 1. דזוו איבערוועלגערן ←. 2.
לייגן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן אין אײַלעניש,
אין אומאָרדענונג. א, די זאַכן פֿון איין
שופֿלאָד אין אַן אַנדערן. 3. איבערוואַרפֿן,
אָנוואַרפֿן, איבערקערן זאַכן ביזן סוף. א, אַן
אָנגעפּאַקטן וואָגן און ניט געפֿינען דאָס פּעקעלע.
4. איבערקײַקלען. א, אין שניי, אין זאַמד.
5. אויסמאַנגלען (←). א, וועש. 6 פֿיג.
.
„די צאָל ווערטער וועלכע כ'האָב אין
צווישנצײַט געלערנט...וועל איך א'„, ד. שטאָקפֿיש
איבז, מ. אורן, ישׂראל־שטימע, 1958 II יי 24.

איבערוואַלגערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זײַן נע־ונד אַ לענגערע צײַט אָדער איבער

איבערוואַנדערונג

אַ סך מקומות. א, זיך וואו די וועלט האָט
אַן עק. 2. ווי ניט איז איבערשלאָפֿן (אָדער
בלויז ליגן וואַכערהייט). א, זיך די נאַכט.
3. אַ לענגערע צײַט אָדער מיט אַ סך האָבן
געשלעכט־פּאַרקער. „און פֿון וואָס וואָלטן מיר
געלעבט, ווען ניט פֿון דעם וואָס מע
וואַלגערט זיך איבער מיט אַלערליי מאַנסבילן?“,
ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע,
אַדעס 1932. 4. סתּם זיך וואַלגערן במשך פֿון
אַ באַשטימטער צײַט. א, זיך אויפֿן גראָז.
„געהידושט זיך אויפֿן געלט וואָס דאָרטן
וואַלגערט זיך איבער אַ טאָג“, שע, פֿונעס יאַריד.
־דנג. ־ניש.
איבערוואַליען — טרוו. ־ליע איבער, ~
געוואַליעט. סל. 1. איבערקײַקלען,
איבערוואַלגערן, איבערדרייען. א, פֿעסער. א, פּעק. 2.
אַנידערוואַרפֿן, אָפּהאַקן אַ צאָל, אַ סך. ▫ די
הויכע סאָסנעס. אויך מיט ז י ך.
איבערוואַלן — די. במ. 1. דאָס דורכפֿירו
וואַלן אויפֿסנײַ, ווײַל די ערשטע האָבן איבער
עפּעס אַ סיבה ניט געטויגט. „מיר פֿאַרלאַנגען
א', ווײַל עס האָבן געשטימט אויך גיט קיין
מיטגלידער פֿון פֿאַראיין„. 2. סאָוו. דזוו

וואַלן. „דאָס גאַנצע לאַנד גרייט זיך איצט צו די
א, פֿון די סאָוועטן“, גאַרבער־ און
בערשטערשטימע, מאָסקווע 2 1928, No. „די א, גייען
דורך אונטערן לאָזונג...“, מ. גיטליץ,
פּראָזאַאיש־געשעפֿטלעכע שפּראַך, מאָסקווע 1932.
[סאָוו אויך: איבערוואַל־קאַמפּאַניע = וואַל־
קאַמפּאַניע.]
איבערוואַלסן, ~וואַלצן — אַקוזוו. וואַלס,
וואַלץ איבער, ~געוואַלסט, ־וואַלצט.
איבערטאַנצן אַ וואַלס (וואַלץ). א, דעם שיינעם וואַלס.
וואַ רוו

. איבערשטעלו וואַ איבער, ~
געצט. צן אין אַ מאַשין.
איב אלצן — טרוו. וואַל

-

א, די דרוקמאַשין. 2. נאָכאַמאָל, אויף אַן
אַנדער אופֿן דורכלאָזן עפּעס דורך וואַלצן.
א, די וואָלענע שטאָפֿן. ־ונג.
איבערוואַלקעווען — טרוו. ־קעווע איבער,
~געוואַלקעוועט. 1. איבערקאַטשען,

איבערוואַרפֿן, אומוואַרפֿן, דרייזין. א אַ קלאָץ. 2.
אי,
בערוואַליען. ל2. 3. דזוו איבערוואַלצן, טרוו.
א, פֿילץ, וואָל.
איבערוואַנדלען — ־דל איבער, ~געוואַנדלט.
פֿר־ אוטוו — דזוו איבערוואַנדערן.
איבערהאַנדלען און א'. טרוו — איבערבײַטן,

איבערא לײַטישן נוצלעכן מענטש", טמז, 14 1964 I X.
קערן, מגלגל זײַן. „א, דעם פֿאַרברעכער אין

-
מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
איבערוואַנדער — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערוואַנדערן. דער א, פֿון פֿייגל אין די
וואַרעמער לענדער. „דער ייִדישער א, פֿון מערבֿ־
אייראָפּע קיין מזרח־אייראָפּע איז געגאַנגען דורך
דײַטשלאַנד„, אפֿא, טמז, 1965 III 11.
איבערוואַנדערונג — די, ־ען. פּראָצעס
פֿון איבערוואַנדערן. 'האַיאַס, — די

אָרגאַניזאַציע פֿאַר ייִדישער א'. געשיכטע פֿון א'ען.
„אַז די א'ען זאָלן צוגיין אין אַ גרויסער
צאָל און ברענגען נוצן...איז נייטיק אַז די
רעגירונג זאָל באַהילפֿיק זײַן„, בונד, וואָס

וויאיבערוואַנדערן

לן די סאָציאַלדעמאָקראַטן אין רוסלאַנד7,
זשענעוו 1900. „די א, פֿון גרויסע צאָלן ייִדן...
קיין ישׂראל“, בצג, טמז, 27 XI 1964.
איבערוואַנדערן — אוטוו. ־ער איבער, ~
געוואַנדערט. 1. פֿאַרלאָזן אַ לאַנד אָדער אַו
אָרט וואו מע האָט געלעבט, זיך געהאַט
אײַנגעוואָרצלט, און זיך באַזעצן אין אַן אַנדער
לאַנד אָדער אָרט. א, פֿון שטעטל אין שטאָט.
א, מעבֿר לים. א, קיין אַמעריקע. א, קיין
ארץ־ישׂראל. א, מחמת עקאָנאָמישע,
פּאָליטישע, אידייאישע אאַ סיבות.
2. וואַנדערן אין אַ צאָל ערטער, לענדער.
א, ווי ציגײַנער. נע־ונדעווען און א, ווער ווייסט
אין וויפֿל לענדער. 3. וואַנדערן פֿון איין אָרט
אין צווייטן ווי אַן אופֿן פֿון לעבנס־ציקל. פֿיש
וואָס וואַנדערן איבער צו לייגן איקרע. פֿייגל
וואָס וואַנדערן איבער פֿון צפֿון קיין דרום און

צוריק פֿון דרום קיין צפֿון. ־ניש.
איבּערוואַנדערער — דער, ־ס. ווער עס וואַנדערט איבּער. „כערסאָנער, קרימער, בּיראָבּידזשאַנער א'ס — נײַע ייִדישע פּויערים„..
ליבּ האָבּן צו הערן וואָס די א'ס רעדן.
איבּערוואַנדרעווען — אוטוו. ־רעווע איבּער, ~געוואַנדרעוועט. דזוו איבּערוואַנדערן, ספּעצ בּ2. שטודירן ווי עס וואַנדרעווען איבּער פֿייגל און פֿיש. „געהאַלטן אין איין א, פֿון לאַנד צו לאַנד“, אפֿא, טמז, 1962 II ▯ 15.
איבּערוואָנכען — טרוו. ־כע איבּער, ~ געוואָנכעט. פּר. איבּערשמעקן, איבּערניוכען. פֿירט דעם הונט וואָס וואָנכעט איבּער יעדער
„שטיינדעלע“, רייד.
איבּערוואָ'ס — אַדוו. דזוו פֿאַרוואָס [פֿרגל ▯ איבּער וואָס] פֿאַרוואָס האָט מען דיך גע. „
שלאָגן? וואָס הייסט פֿאַרוואָס? פֿאַר די זײַטן! ניט דאָס מיין איך, איך פֿרעג דיך א, האָט מען דיך געשלאָגן? וואָס הייסט איבּער וואָס7 איבּער וואָס מע האָט געטראָפֿן! איבּער דעם קאָפּ, איבּער דעם רוקן, איבּער דער מאָרדע...
אַך דו פֿאַרשטייסט מיך ניט, איך פֿרעג וואָס

האָסטו געטאָן אַז מע האָט דיך געשלאָגן? וואָס האָב איך געטאָן פֿרעגסטו? איך האָב געשריגן!...,,, אַבֿרהם יצחק בּוכבּינדער (איש אַדעססאַ), דער בּלומען גאָרטן, ווילנע 1885.

-

איבּערוואָסן — דער, ־ס. גאָר שטאַרקער אָדער שרעקלעכער וואָפֿן. "די אַטאָמישע בּאָמבּע — דער א, פֿון אונדזער צײַט,,.

איבּערוואָפֿענען — טרוו. ־פֿן איבּער, ~ געוואָפֿנט. 1. בּאַוואָפֿענען אויף אַן אַנדער אופֿן (מיט נײַערע, מאָדערנערע כּלי־זין). בּאַוואָפֿענען מיט בּעסער געווער. א, דעם בּאַטאַליאָן. א, די אַרטילעריע מיט ראַקעטן. 2. בּאַוואָפֿענען איבּער דער מאָס. מיט ז י ך. ־ונג — אַן אײַליקע א'. ,,אין דער קליאַטשע האָט שוין מענדעלע פֿאַרענדיקט זײַן א"', י. נוסינאָוו, 1928. ־עניש. ־ער.

איבּערוואַקלען — וואַקל איבּער, ~ געוואַקלט. טרוו — 1. נאָכאַמאָל וואַקלען, וויגן, שאָקלען, טרייסלען. א, דעם אומרו פֿון וואַנטזייגער. 2. צו פֿיל וואַקלען. ,,דו האָסט

געוואַקלט דאָס קינד אויף דער הוידע אַז
דאָס קעפּל האָט זיך אים פֿאַרדרייט“, רייד.
אוטוו (אַקוזוו) — אַריבערגיין זיך
וואַקלענדיק. א, איבער דער גאַס (די גאַס) ווי אַ
שיכּורער. מיט ז י ך — 1. א, זיך איבער דער
גאַס. 2. איבערקערן זיך, איבערדרייען זיך.
דער טינטער האָט זיד איבערגעוואַקלט. 3. זיך
אַ לענגערע צײַט מיישבֿ זײַן (אויך איר
בײַטעם). א, זיך און ניט קענען זיך דעצידירן.
4. אַריבערגיין פֿון איין ריכטונג אָדער גרופּע
צו אַ צווייטער (איר בײַטעם). ־עניש.
איבערוואַקסן — אַקוזוו. וואַקס איבער; האָב
& בין ~געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. ווערן
העכער, ווי מע וואָלט געקענט אויף דעם
רעכענען. א, דעם עלטערן ברודער. די קליינע
שפּראָצן ווען א, די ביימער. 2. ווערן צו
אַלט פֿאַר עפּעס. א, די קינדערישע שפּילכעלעך.
3. איבערשטײַגן. קריגן מער וויסן. ווערן
מאָראַליש העכער, בעסער. א, אין לערנען דעם
אייגענעם לערער. א, די חבֿרים פֿון ישיבֿה,
קלאַס. א, די אייגענע סבֿיבֿה, גרופּע אע. א,
זיך אַליין. „אַפֿילו די שטרענגסטע מאַרקסיסטן

וועלן מודה זײַן אַז די טאָלסטאָיס וואַקסן
איבּער [זייער] קלאַסן־מיליע“, שנ, קריטיק און
קריטיקער. „וועט ער זי האָבּן איבּערגעוואַקסן
מיט צוויי קעפּ אין בּילדונג און אין
בּאַהאַוונטקייט“, זש, טמז, 1965 I◻י 20. 4. ווערן
גרעסער (שטאַרקער, רײַכער) ווי אַן אַנדער
גרופּע (פֿירמע). די נײַע אויטאָמאָבּיל־פֿירמע וואַקסט
איבּער אַ סך צווײַגן פֿון דער אינדוסטריע.
5. אוטוו. איבּערקומען (קראַנקייט, שוואַכקייט,
צוריקגעשטאַנענקייט) אין פּראָצעס פֿון
וואַקסן. „[דער ייִנגל] איז גרין ווי גראָז און ער
נעמט אויף זיך ניט קיין לײַבּ. שוין געווען
בּײַם גוטן ייִדן...האָט ער געזאָגט: ער וועט
א',,, חיים פּעט, איק, 29 ◻ 1960 II. אויך מיט
ז י ך. ־ונג. ־עניש.
איבּערוואַקסן — טרוו. דזוו איבּערוועקסן.
איבּערוואַרגן — טרוו. וואַרג איבּער, ~
געוואָרגן. פּפֿ: ~ווערגן. 1. דערוואַרגן,
אומבּרענגען אַ צאָל. אַ טכויר קען נאָך א, אַלע
הינער. 2. צו פֿיל וואַרגן. וואַרגן עמעצן
אין אַ צוכּלומרשט און א, אים אַז יענער זאָל
מער ניט אויפֿשטיין. מיט ז י ך — א, זיך
מיט אַ בּיסן ־עניש.

.

איבערוואַרטן — אוטוו & אַקוזוו. וואַרט איבער, ~געוואַרט. 1. וואַרטן אַ רעלאַטיוו קור צע צײַט (ביז עפּעס זאָל פֿאַרבײַ, זאָל אויפֿהערן). א, דעם רעגן. א, ביז דער רעגן וועט אויפֿהערן. א, דער פּלימעניצעס חתונה און דערנאָך פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. „האָט ער איבערגעוואַרט זײַן פֿאָטערס טרויער־טאָג“, ל. יאָסעלאָוויץ, דעם פֿאָטערס צוואָה, ווילנע תּרמ„ז. „לאָמיר א'...ביז ס'וועט ווערן שטילער“, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. „זי וועט א, [אין וואַלד] ביז עס וועט טאָג ווערן“, פּרץ, 'אַראָפּגעלאָזטע אויגן'. „הירש האָט איבערגעוואַרט, ביז די ווײַבער וועלן זיך אַ ביסל באַרואיקן“, מ. ריבֿקין, ווער זשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914. 2. וואַרטן אַן אומבאַשטימטע לענגערע צײַט (ביז עפּעס שלעכטס זאָל פֿאַרבײַ). א, די מלחמה.

איבערוואַרעסען

„שלעכט איז נאָר דעם וואָס קען קיין שלעכטס ניט א'“; „אַז מע קען ניט א, דאָס שלעכטע — קען מען דאָס גוטע ניט דערלעבן“, שוו.

„וואַרט נאָר...וואַרט...איבּער בּיז פּלאָג און אַלדאָס בּייז גייט אַריבּער“, ממוס, זמירות.

3. וואַרטן בּיז עס קומט די ריכטיקע צײַט, די פּאַסיקע געלעגנהייט. „דער אָרעמאַן האָט קיין בּרירה ניט געהאַט און קוים איבּערגעוואַרט□ , פֿמ. „איז ר, חיים אַמאָל בּאַשעפֿטיקט געווען..., האָט יאַן אים ניט געשטערט און איבּערגעוואַרט, בּיז ר, חיים וועט זיך אָפּפֿאַרטיקו“, ממוס, שלמה.

4. וואַרטן לענגער ווי אַן אַנדערער. „ז□ ייִנגערע טאָכטער האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, ניט געוואָלט א, די עלטערע שוועסטער„, רייד. „בּין איך שוין געבּליבּן דער לעצטער... כ'האָבּ אַלעמען איבּערגעוואַרט„, בּאַש, 'אַ שיף קיין אַמעריקע'.

5. וואַרטן כּדי אויסצומײַדן. א, די בּויאַנעס וואָס שלאָגן ז□ך אויף דער גאַס און ערשט דערנאָך אַרויסגיין פֿון שטובּ. „פֿאַלט אים אײַן, דעם כּלבֿ, בּילט ער...מוז מען אַזאַ כּלבֿ א'“, פּרץ, 'דער אַלטער ר, שמעון'. [ענלעך צום בּ1, נאָר בּולטער אַז עס רעדט זיך וועגן עפּעס אַ סכּנה.] 6. אָפּוואַרטן. לויערן. א, די חבֿרה און זיך אָפּרעכענען מיט זיי. די קאַץ

קען א, שעהן אויף דער מויז.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבּערוואָרטשען — ־טשע איבּער, ~
געוואָרטשעט. מרוו — נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש
אַרויסזאָגן עפּעס אומצופֿרידן אָדער אומקלאַר.
א, דעם ניין אונטער דער נאָז. אוטוו —
וואָרטשען אַ לענגערע צײַט. מיט ז י ך —
וואָרטשען און אויפֿהערן. ־עניש.
איבּערוואַריאירן — טרוו. ־איר איבּער, ~
וואַריאירט. אַנדערש, אויף אַן אַנדער אופֿן
וואַריאירן. א, די באַזונדערע טיילן פֿון אַ
קאָמפּאָזיציע. א, סצענעס אין אַ פּיעסע. ־ונג.
איבּערוואַרעם — אַדי. זייער וואַרעם.
וואַרעמער ווי מע דאַרף, ווי מע וויל. ,,דיר איז
וואַרעם, מיר איז א,, מיר איז הייס,,, ריי]־.
,,...קען מען באַקומען פֿליסיקן טשוהון...א'",
ל. פֿרומין,...וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו
.1932
איבּערוואַרעמען — טרוו. ־רעם איבּער, ~
געוואַרעמט. 1. נאָכאַמאָל (אָנ)וואַרעמען. א, די
וועטשערע. 2. מאַכן צו וואַרעם. א, דעם
פּרעסאײַזן. "דער צעשמאָלצענער טשוהון רינט
אַראָפּ טראָפּנווײַז, גייט דורך אַ שיכט צעגליטן
קאָקס, ווערט אַ ביסל איבּערגעוואַרעמט...,,,

ל. פֿרומין'...וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932.
3. וואַרעמען אַ צײַט אָדער ביז סוף. 4. א.־
בערהייצן. איבערהיצן. א, די זופּ מע זאָל
זיך ממש אָפּבריִען מיט איר. א, דעם מאָטאָר.
מיט ז י ך — אויך: אַ ביסל, אַ קורצע צײַט
זיך אָנוואַרעמען. א, זיך און דערנאָך זיך
צוקילן. ־ונג — „הייסע וואַנעס...מוזן דויערן
זייער קורץ, אַניט רופֿן זיי אַרויס אַ שעדלעכע
א, פֿון קערפּער„, פֿגעז, ווילנע 15 1928, No.
־ער — אויך: אַפּאַראַט איבערצוּוואַרעמען.

איבערוואַר

איבערוואַרף, ~וואָר — דער, ־ן. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון איבערוואַרפֿן (זיך). אַן
א, פֿון ביכער. אַן א, פֿון ווערטער. אַן א,
איבערן שפּרינג־באָק. א'־קליידער — וואָס מע
טראָגט זיי פֿון אויבן (איבער אַ באָדקאָסטיום,
איבער פּידזשאַמעס א).

איבערוואַרסן — טרוו. וואַרף איבער, ~
גערוואָרפֿן. 1. וואַרפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן
אַנדערן. א, די פּילקע. „שולדיק איז דער ווינט,
וואָס האָט...איבערגעוואָרפֿן די פֿײַערדיקע צונ..
גען מיט די רויכיקע זײַלן פֿון איין עק שטאָט
צום צווייטן", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
2. וואַרפֿן אַהין און אַהער אַ לענגערע צײַט.
„גענוג א, די פּילקע פֿון איינעם צום צווייטן.
שיסט אין גאָל„, רייד.
3. (אויס)וואַרפֿן נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער
אופֿן (בײַ אַ שפּיל, בײַם וואַרפֿן גורל אע).
„ס'איז געווען קרוטשקעס. מע מוז א'„, רייד.
אויך בײַ קאָרטנשפּיל: איבערטאַלירן,
איבערטאַשן. אויך: אויסוואַרפֿן קאָרטן. „די
וואַרפֿערין איז...געזעסן אין איר צויבער־קאַבינעט
און האָט איבערגעוואָרפֿן אירע קאָרטן„, ש.
וואָלצענאָק, רבי יוחנטשע, וואַרשע 1883.
4. אַריבערוואַרפֿן (איבער אַ שטערונ). א,
אַ שטיין איבערן פּלויט. א אַ רעטונג־פּאַס
,
איבערן באָרט.
5. וואַרפֿן בײַם זוכן, בײַם נישטערן. א אַ
,

סך דאָקומענטן. א, די זאַכן אין וואַליזקע צו געפֿינען ריינע אונטערוועש. "זי האָט איבערגעוואָרפֿן זײַנע סוטס, זײַנע אַלטע מאַנטלען אויף שטולן", טמז, 28 l964 XI.

6. (צע)וואַרפֿן בײַם קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן. איבערטאַפּן סחורה. א, אַ גאַנצע פּאָליצע מיט רעשטלעך בײַם קויפֿן אַ שטיקל סחורה פֿאַר אַ פּאָר הויזן.

7. איבערלייגן, פֿונאַנדערלייגן (כּדי עס זאָל בעסער זיך אויפֿהיטן, כּדי עס זאָל זיך טריקענען אע). א, די ווינטערעפּל אין שטרוי. „דאָ, אין די אָפֿענע געבײַדעס, קומט אויס איבערצוּוואַרפֿן און אויסצולייגן אין שטאַבעלן הונדערטער פֿעל„, די גאַרבער־שטימע, מאָסקווע 1942, No 4־5.

8. איבערשיטן בײַם אויסווייען, בײַם לופֿטערן. א, קערנער מיט אַ שופֿל. „מותּר [אום חול־המועד] די תּבֿואה, פּירות איבערצוּוואַרפֿן כּדי זיי זאָלן ניט פֿאַרדאָרבן ווערן חול־המועד„, הרבֿ א. ברודאָ, הליכות עולס, אונגוואַר 1864. „מע זאָל ניט שיטן די תּבֿואה זייער דיק, און מע מוז זי אַלעמאָל א, מיט אַ שופֿל, זי זאָל זיך ניט דערוואַרעמען", מ. וועבער, דער יו־ א

דישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891.
9. צעוואַרפֿן און איבערבויען. איבערמויערן.
„ער וויל, מ'זאָל אים א, אַ וואַנט פֿון קעלער„,
בערג, 'יוסף שור, פֿרעגן אַ שאלה מכוח
. „...
אַן אַלטן אויוון, אויב ער מעג אים א', אויב
ער מעג רירן דעם ערשטן פֿונדאַמענט“,
דלוגאַטש, וועלט־מסורה, וואַרשע 1O.1881. סתּם
צעוואַרפֿן און אָנמאַכן אַ הקדש, אַן
אומאָרדענונג. א, די ביכער פֿון די פּאָליצעס אויפֿן
אומריינעם דיל.
11. פֿיג. איבעררעכענען, אויסרעכענען. „האָט

926

מען איבערגעוואָרפֿן אַלע מיני ייִדישע פּרנסות,
פֿון מלמדות ביז שמשׂות“, אַר, 'די נײַע
קנעלונג'. 12. איבערקאָנטראָלירן. נאָכזוכן. א,
אַלע ציפֿערן, אַלע בוכונגען צו געפֿינען דעם
טעות.
13. אויף דער גיך קלערן, טראַכטן וועגן
אַ צאָל ענינים. א, אין געדאַנק אַלע
מעגלעכקייטן. א, די אַלע פֿאַלן ווען מע האָט געוואונען
אין געריכט. א, אַ פּאָר סוגיאס בײַ אַ חילוק,

אין דעם הדרן אע.

14. איבערציִען, דורכלייגן. א, אַ בּרעט איבּער אַ וואַסערל; א, אַ בּריק איבּער אַ טײַך. 15. איבערדעקן אויף גיך, מיט אַ וואָרף. א, אַ שאַל אויף די פּלייצעס. א, אַ דעקע אויפֿן שלאָפֿנדיקן קינד. „איבּער די אַקסלען האָט זי איבּערגעוואָרפֿן אַ רויטע טוך“, אַר, 'די ציגײַנערין'. 16. איבּערשיקן זאַכן אויף גיך. א, סחורה פֿון איין יאַריד אויפֿן צווייטן.

17. איבערקאָמבּינירן, איבערשטעלן אוו טראַנספּאָרטירן אויף דער גיך מענטשן און געווער. א, מיליטער אויף אַ צווייטן סעקטאָר. א, נאָך אַ בּאַטאַליאָן אויפֿן פֿראָנט. א, די שווערע אַרטילעריע צו בּאַשיסן... „דער שׂונא אײַלט זיך א, זײַנע טאַנקען...קיין סמאָלענסק„, ש. קריוואָשעאין, סאָוו, היימלאַנד, 3 l962, No.

18. איבּערגוואַלד אַריבּערשיקן, אַריבּערפֿירן מענטשן. א, די ייִדן פֿון לעבּן גרענעץ אין טיף ראַסיי. א, די פֿאַרשיקטע אין ווײַטן צפֿון. „זי קען איבּערגעוואָרפֿן ווערן אויף אַ שווערער אַרבּעט“, די נאַרבּער־ און בּערשטער־שטימע, מאָסקווע 3 l928, No.

19. אויף דער גיך אַריבּערפֿירן פֿון אייו

אַרבעט אָדער באַשעפֿטיקונג אויף (צו) אַ
צווייטער. א, סטודענטן צונויפֿצונעמען דאָס
געדעטעניש   פֿאַראַן אַ באַשלוס, מע זאָל יאָסלען

,, .
א, אין דער געהיימער טיפּאָגראַפֿיע,,, בעדג,
בײַם דניעפּער II. ,,נאָכן אָפּאַרבעטן אַ שטיקל
צײַט האָט מען אים איבערגעוואָרפֿן צו
קאָמישע ראָלן“, טמז, 2O.10 IX l96l. אויף
גיך אַריבערפֿירן פֿון איין סאָרט, קאַטעגאָריע,
גרופּע אע אין אַן אַנדערער. א, זוימען פֿון
צווייטן סאָרט אין ערשטן סאָרט אַרײַן. א,
גוטע סחורה אין ראַמש, אין בּבל.
21. (מיט כּישוף) אַריבערבערענגען, אין אַן
אַנדער פֿאָרעם, אומוואַנדלען אין אַן אַנדער
באַשעפֿעניש. א, די בת־מלכּה אין אַ פּאַווע.
22. (שנײַדערײַ) אויף דער גיך נייען,
פֿאַרנייען, צונייען. פֿאַרסטריגעווען. א, ברעגלעך.
יבערוואַרפֿן זיך —→ דפֿוו. 1. קזוו.
איבערוואַרפֿן עפּעס איינער צום צווייטן. א,
זיך מיט אַ פּילקע. א, זיך מיט בליקן. ,,

קיינער האָט דערפֿון ניט גערעדט, נאָר
איבערגעוואָרפֿן זיך מיט שוויַיגנדיקע בליקן,,, ליטע,
ווילנע 1919, 2. 2. רעפֿל. א, זיך איבערן
פֿלויט.

3. איבעררײדן זיך מיט אָפּגעהאַקטע רייד.
פֿאַרשטענדיקן זיך דורך האַלבע ווערטער. ,,אַ
שכנה פֿון דער צווייטער שטוב פֿול מיט

,

נײַס ווי אַ פּויק, איז אויך דאָ. מע וואַרפֿט זיך
איבער מיט אַ ו ו אָ ר ט און מע פֿליקט

פֿעאיבערוואָרקען

דערן", ממוס, שלמה. ,,האָבן זיי זיך גענומען
...שאַרפֿן די צינגלעך און א, זיך מיט
פֿליגלדיקע שטעכווערטלעך", שע, בלאָנדזענדע
שטערן I. ,,די דאָזיקע ברונעטין פֿלע ט...א,
זיך מיט די קאָלעגינען אירע מיט עטלעכע
ווערטער,,, אַר, 'דער קעלנער'. ,,אַוודאי אַ
וואַרשעווערין! — האָבן זיך די ווײַבער
איבערגעוואָרפֿן וועגן איר,,, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ
פֿערד־גנבֿ.

4. אַריבערגיין צו אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג,
פֿאַך, פּרנסה. א, זיך פֿון אַ שנײַדערקע צו

אַ פּוצערקע. א, זיך פֿון שלאָסערײַ צו עכטער מעכאַניק. 5. (איבער אומקלאָרע סיבות) בײַטן מיינונג(ען), אײַנשטעלונג(ען), לאָיאַליטעט. א, זיך פֿון רעכטס אויף לינקס פֿון לינקס

,

אויף רעכטס.

6. בוגד זײַן אין יידישקייט. שמדן זיך. א, זיך אויף דער אַנדערער זײַט. „די אַלטע קלערט: ווער קען דאָס זײַן? האָט ער [איר זון] זיך חס־ושלום ניט איבערגעוואָרפֿן?„, מ. אחון, אַננאַ גריגאָריעוונאַ, ווילנע תּרנ„ו. 7. אינגאַנצן בײַטן זיך (לויטן כאַראַקטער). „ווער דען אַ רשע זיך א, אין אַ צדיק?„. „נאָו דער חתונה האָט ער זיך איבערגעוואָרפֿן, געוואָרן אויס קאַרגון„, רייד. 8. אומוואַנדלען זיך איו אַן אַנדער באַשעפֿעניש. אַ כּישוף־מאַכער וואָס קען זיך א'. „ווער וואָלף דאשׂ איז איין מענש דער זיך איבר וורפֿן קאַן צו איינר חיה„, סהמ, איובֿ, ה, 23.

9. זיך טרעפֿן צווישן אַ צאָל. צווישן די ברוינע וואַרפֿן זיך איבער אויך ווײַסע קי מיט שוואַרצע פֿלעקן. „צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זיך בײַם בעקער איבערגעוואָרפֿן מצהבאַקן איז געווען אויך איינער אַ דרדקי־מלמד„,

ממוס, קליינמענטשעלע.

1O. (אין שלאָף איבערדרייען זיך אויף דער צווייטער זײַט און) זיך אויפֿכאַפּן. „דער חולה האָט זיך איבערגעוואָרפֿן, האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און האָט דערזען אַ פֿרעמדע פֿרוי בײַ זיך", שע, יוגנט־ראָמאַנען. „זי האָט...זיו צוגעשפּאַרט, באַלד זיך איבערגעוואָרפֿן, צוריק אַרויס", אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

11. (קאָרטנשפּיל) אַרויסוואַרפֿן צו פֿיל קאָרטן פֿון דעם זעלביקן מין און פֿאַרשפּילן מחמת דעם. א, זיך מיט הערץ.

12. זיך וואַרפֿן און אויפֿהערן, זיך באַרואיקן. „לאָז אים צו רו, ער וועט זיך וואַרפֿן און זיך א'. ער וועט שלום מאַכן מיט אונדזער פּלאַן", רייד.

13. אַריבערשפּרינגען, אַריבערגליטשן זיך. „שטילע פּײַערלעך צישען, שלענגלעך וואַרפֿן זיך איבער צישענדיק (...וואו איך האָב דעם אויסדרוק גענומען, ווייס איך נישט!)", פּרץ, כרונוך[.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערוואָרצלען — טרוו. ־צל איבער, ~ געוואָרצלט. פֿאַרוואָרצלען אין אַן אַנדער אָרט. א אַ בוים. מיט ז י ך. זיך א, אין אַ נײַ

׳
לאַנד. ־וננ.
איבערוואָרקען — ־קע איבער, ~
גערוואָרקעט. אוטוו — 1. אַרויסגעבן נאָכאַמאָל קולות

איבערוואַשן

(וועגן טויבן). 2. אַ לענגערע צײַט וואָרקען.
טרוו — ווידער אַרויסברענגען רייד וואָרקענדיק.
כסדר א': מײַן טײַערער! מײַן טײַערער!. מיט
ז י ך — 1. קזוו. 2. וואָרקען און אויפֿהערן.
־עכץ. ־עניש.
איבערוואַשן — טרוו. וואַש איבער, ~
געוואַשן. 1. וואַשן נאָכאַמאָל, גרינטלעכער. „זע,
די האַנטעכער זענען נאָך אַלץ ניט ריין, מע דאַרף
זיי א"", רייד. 2. אַרומוואַשן. א, די גלעזער
איינס און צוויי פֿאַלט שוין דער גורל אויף

. ״
קריינצען, [זי] זאָל א, דאָס געפֿעס„, יר I.
„אויב דו איילסט [זיך], קאָנסטו זי אַפֿילו ניט
אָפּרייניקן, מע דאַרף בלויז גוט זי א"", י.
בריל, סאָוו, היימלאַנד, 3 .5 1962, No. וואַשן
אַ צאָל, ביזן סוף, וויפֿל מע דאַרף. א אַלע

׳

כלים. „עס איז פֿאַראַן אַלטוואַרג פֿון שטיינער, אייביק אַלטוואַרג, נישט איבערצוּוואַשן“, פּרץ, אַלטוואַרג'. 4. דזוו וואַשן, אויסוואַשן. „
נעכ,
טן האָט זי אַלץ אָפּגעטאָן: איבערגעוואַשן דאָס וועש נאָכן באָדן זיך פֿאַררוקט אין אויוון אַ
,
טשאָלנט“, סאָוו, היימלאַנד, 6 1965, No.
א, די ביינער (ביינדעלעך), קויטיקע וועש = באַרעדן, אויסדערציילן וועגן חטאָים וואָס מע וויל זיי באַהאַלטן; בייזוויליק טרײַבן רכילות.
מיט ז י ך. *א, זיך די ביינער = רעדן שלעכטס וועגן זיך גופֿא אָדער וועגן גאָר נאָענטע. „אַ ביטערע הנאה האָט ער געהאַט א, זיך אַלע, אַלע ביינער“, זש, טמז, 10 1963 XI.
*ה אָ ב ן אין וואָס זיך איבערצוּוואַשן = האָבן אַן איבעריק פּאָרל וועש. „זיי זײַנען אַזוי אָרעם אַז זיי האָבן קוים אין וואָס זיך איבערצוּוואַשן„„ רייד.
—ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבערוואַשעוועג — טרוו. ־שעווע איבער, ~געוואַשעוועט. איבערפֿירן,
איבערטראַנספּאָרטירן געהילץ (קלעצער) מיטן וואַסער.
א, דאָס

געהילץ מיטן ניעמען קיין טילזיט.

איבערוויאַזשען זיך — קזוו. ־זשע זיך איבער, זיך ~געוויאַזשעט. וורר. 1. זיך אַרומקריגן. 2. טשעפּען זיך, וועלן פֿאַרפֿירן אַ קריגערײַ. „מע הייבט אָן א, זיך ביז מע צעפּאַטשט זיו“, רייד.

איבערוויאַל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע איבער, ~געוויאַל(י)עט. סל. 1. איבעררייכערן, איבערקאָפּטשען (פֿלייש, פּיש). א, אַ זײַטל פֿלייש צו נעמען אין וועג אַרײַן. 2. איבערטריקענען. 3. דזוו איבערוויאַנען.

איבערוויאָנדזלען — טרוו. ־דזל איבער, ~געוויאָנדזלט. וויאָנדזלען נאָכאַמאָל אָדער צו פֿיל וויאָנדזלען. א, הערינגלעך.

איבערוויאַנען — אוטוו. ־נע איבער, ~ געוויאַנעט. אינגאַנצן פֿאַרוועלקן. „די בלומען האָבן שוין איבערגעוויאַנעט, וואַרף זיי אַרויס“, דיין.

איבערוויברירן — ־ריר איבער, ~וויברירט. אוטוו — וויברירן און אויפֿהערן. טרוו — מאַכן עס זאָל ווידער וויברירן. א, די סטרונעס.

איבערוויגן — טרוו. וויג איבער, ~געוויגט. נאָכאַמאָל וויגן, אויף אַן אַנדער אופֿן וויגן. וויגן צו פֿיל. מיט ז י ך — אויך: וויגנדיק

זיך אויף אַ שטול — זיך איבערקערן,
אַראָפּפֿאַלן אע.
איבערוויג(ע)נד — אַדי. דטשמ. נר.
איבערוועגנדיק, וואָס וועגט איבער, וואָס איז אין
דער מערהייט. „עס וועט זיך אַרויסשטעלן די
א'ע מיינונג פֿון כלל„ יודישער קאַלענדאַר
לשנת תּרס„ט, לעמבערג 1908. „די א'סטע
מערהייט פֿון טובערקולאָזע דיאַבעטיקער“, 'טאָז,
שריפֿטן, וואַרשע 1929. [אויך די פֿאָרעם מיט
־יק איז נר. „דער איבערוויגנדיקער רובֿ איז
שוין אַ דאָ־געבוירענער“, אפֿא, טמז, 2 1965 I.]
זיטירט. ווידער, נאָכאַמאָל וויזיטירן, דורכפֿי א
רן
איבערוויזיטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~

וויאַן אינספּעקציע. א אַ שול.

,
איבערוויטאַמ'ין — דער, ־ען. צו גרויסע
פּאָרציע פֿון אַ וויטאַמין. צושטאַנד ווען מע גיט
אין איין מאָל צו פֿיל וויטאַמינען. „די א'־
קראַנקייט“, פֿגעז, פּאַריז 12 ◻ 11 1950, No. ־יזירן

— טרוו. ־זיר, ~וויטאַמיניזירט. אַרײַנגעבּן
צו פֿיל וויטאַמינען. „מע דאַרף ניט א, קיין
שום פּרוכטזאַפֿטן“. „מיר האָבּן צו טאָן מיט אַ
נײַער קראַנקייט וואָס שטאַמט פֿון א, דעם א
אָרגאַניזם פֿון היפּערוויטאַמינאָז“, דאָרטן.

,
־יזירונג — „דאָס געניסן פֿון צו פֿיל
וויטאַמין ()[קען פֿירן צו אַן א, פֿונעם קינד
א
אָדער פֿונעם דערוואַקסענעם„ פֿאָר, 1964 X l4.

,
איבּערוויטע(ווע)ן זיך — קזוו. ־טע(ווע)
זיך איבּער, זיך ~(גע)וויטע(ווע)ט. סל.
בּאַגריסן איינער דעם אַנדערן דורך אַ שאָקל מיטן
קאָפּ. „העלאָ, מיסטער! — אָ, העלאָ, העלאָ! דאָס
האָבּן די צוויי מענ▯שן זיך אַזוי פֿאַרעווע
איבּערגעוויטעוועט“, בּ. דעמבּלין, ,ועסטסײַד'.
איבּערווײַבּערײַ — די (דאָס), ־ען. נעאָל. דאָס
האָבּן צו פֿיל צו טאָן מיט ווײַבּער. „,
געשטאָרבּן פֿון א, און שיכּרות“, יג, איק, 22 1957 XI.
איבּערווײַבּעריש — אַדי. וואָס איז זייער א
ווײַבּעריש. מאָדנע א'ע חנדלעך.
אי'בּערווײַזן — טרוו. ווײַז איבּער, ~געוויזן.
1. דערווײַזן, בּאַווײַזן אַז ס'איז פֿאַרקערט. א

אָפּלייקענען. „אַז מע זאָגט אָבער: ער האָט געשיקט צו אים, קען מען ניט א, אַז עס איז אַ ליגן„, יפ. „דער יונגערמאַן גייט צום פּריץ...און בעט אים אַז ווען די חופּה וועט זײַן...זאָל ער אויך זײַן מיט די קאָזאַקן, ער וויל עפּעס א'„ מע□tה פֿון ווילנע, ווילנע 1860.

„קאָרץ פֿון דער זאַך, וועסטו דאָס קאָנען זיי א אַז זיי האָבן געגנבֿעט — איז רעכט;

,

וועסטו אָבער ניט קאָנען א, — אַזוי וועסטו שלעכט אָפּשנײַדן“, נסים ונפֿלאות, [יאָר? אָרט□].

2. דזוו איבערווײַ'זן. נר. [אומגעראָטענער פּרוּוו אויסצומײַדן דטשמ.] „האָט...אים טעלעגראַפֿיש איבערגעוויזן צוויי טויזנט דאָלאַר פֿאַר די הוצאות„, ש. וויגאָדאַ פֿאָר, 24 III 1963. מיט א

,

ז י ך — ווײַזן איינער דעם צווייטן ווער עס איז שטאַרקער אָדער מוטיקער. „באַרים זיך ניט מיט דײַן כּוח, לאָמיר זיך א'„ רייד. א איבערווײַז, דער. ־עניש.

איבערווײַ'זן — טרוו. איבערווײַ'ז, ~ווי'זן. דטשמ. נר. 1. איבערשיקן (געלט) דורך פּאָסט, דורך אַ באַנק. יוסף מאַרשן, חנוך לנער,

פֿיוראיבּערווײַסן

-

דא 1774, גיט אָן א, ווי אַ סינאָנים צו
אַסיגנירן. „געלט־סומען אויף איבּערגאַנג־רעכענונג
מיטן צוועק זיי א"‚ בּ. האַלפּערן, אַ האַנטבּוך
...פֿון אַ פֿאָלקסבּאנק, ווילנע 1922. 2.
איבּערגעבּן עמעצן אין צווייטנס הענט. אַרויסגעבּן,
פֿאַרמסרן. א, דעם אַנטלאָפֿענעם צו דער
פּאָליציי. 3. דזוו אי'בּערווײַזן. פּר. „אַלע גדולים
...זענען אַרויס מיט פֿאַרשידענע פֿלוגשריפֿטן
צו א, די אומעכטקייט פֿונעם 'בּשׂמים ראָש',,,
יודישער קאַלענדאַר , לעמבּערג 1911. „איצט
נאָכדעם ווי כ'האָבּ דיך איבּערוויזן‚‚, בּראַד,
פֿאָרשטעלונגען ־ונג.

יבּערווייטיקן — טרוו. ־טיק איבּער, ~
געווייטיקט. אויך: ~ווייטאָגן. איבּערלײַדן,
איבּערטראָגן ווייטיקדיקס, שלעכטס. א, אַן
אומגליק, אַ קראַנקייט. א, דעם פֿאַרדראָס. א, אַ
דערנידערונג און פֿאָרט דערגרייכן. „איר זײַט

אַ נאָרמאַלע, געזונטע פֿרוי. איר האָט איבערגעווייטיקט און אויסגעהיילט זיך“, טסז, 1964 XI 1. „[שטאָט פֿון מײַן יוגנט] איך האָב דײַן סוף נאָר איבערגעווייטיקט פֿונדערווײַטנס„, שזר, טמז, IX l964 20. ־ונג.
יבערווייכן — טרוו. ווייך איבער, ~ געווײַכט. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן מאַכן ווייך (ווייכער). א, די לעדער.
יבערווײלן — טרוו. ווײל איבער, ~געווײלט. 1. מאַכן פֿרישע וואַלן, קלײַבן אויפֿסנײַ (ווײַל עס איז אַ פּסול אין די פֿריִערדיקע וואַלן). א, די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג, ווײַל אַ טייל ווײלערס פּראָטעסטירן. „מער פֿון אַלץ האָט פֿאַרשאַרפֿט די באַציאונגען דער באַשלוס פֿון ראַיקאָם איבערצוווײלן דעם פֿאַבקאָם און אינגאַנצן אים באַנײַען“, גאַרבעד־ און בערשטער־שטימע, מאָסקווע 2 .2 1928, No. ווידער אויסקלײַבן דעם זעלביקן אָדער די זעלביקע. א, דעם פּרעזידענט אויף נאָך פֿיר יאָר. ־ונג.
יבערווײַניק — אַדי. זייער שטאַרק ווײַניק. „דער ראָם־קוכן איז ניט געראָטן. ער איז אַרויסגעקומען א‘“, רייד.
יבערווײנען — אוטוו & אַקוזוו. ווײן איבער, ~געווײנט. 1. ווײנען אַ סך, אַ לענגערע צײַט.

,,וואָס זי האָט איבערגעווײנט אַ גאַנצע נאַכט!,,, רייד. 2. אויסוויינען, אויסקלאָגן. א, די אַלמנהשאַפֿט. 3. וויינען מער, שטאַרקער ווי אַ צווייטער. ,,עס מוז נעמען מיט קול אָדער מיט טרערן. איבערשרײַען. א, איז קיין חסרון ניט“, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... מיט ז י ך ־— אײַנשטילן זיך נאָכן לאַנגן וויינען. ,,גאָט צו דאַנק, דאָס קינד האָט זיך איבּערגעווײנט און אײַנגעשלאָפֿן,,, רייד. ,,בּקיצור, זיי האָבּן ז ך. איבּערגעווײנט, דערנאָך האָט זיי דער עושר דערציילט די גאַנצע געשיכטע“, חוסן ישועו , וואַרשע 1879.

יבּערווײַס — אַדי. זייער ווײַס, בּלאַנקווײַס. ,,איך וויל די פּאָליצעס זאָלן זײַן א,,,, ריין.

יבּערווײַסן — טרוו. ווײַס איבּעו, ~ געווײַסט. 1. איבּערפֿאַרבּן מיט ווײַסער פֿאַרבּ. א, איין וואַנט. 2. איבּערקאַלכן. א, די שטובּ אויף פּסח. 3. איבּערצינעווען. א, דעם סאַמאָוואַר. ־עכ ן. ־עניש.

איבּערווייען

איבערווייען — טרוו. וויי(ע) איבער, ~
געוויי(ע)ט. [(ע) אין פר, אוקר]. 1. איבערריייניקן
תּבֿואה, אַוועקבלאָזן פּלעווע, פּסולת. א, די
זערנעס אויפֿו טאָק. 2 פֿאַרווייען. איבערזיגן;

.

איבערפֿירן. „זעה אַז דיך ניט חלילה דער
יצרהרע...זאָל איבּר וועהן„, עיון, לו׳ כ. ־עכץ.
־עניש.

איבערווייקן — טרוו. ווייק איבער, ~געווייקט.
1. נאָכאַמאָל ווייקן. א, לעדער. א, די
קאָנאָפּליעס אין סטאַוו. 2. ווייקו צו פֿיל, מער
ווי מע דאַרף. א, דאָס פֿלייש. מיט ז י ך —
1. רעפֿל. א, זיך אין מקווה. 2. קאַליע ווערן
פֿון ווייקן זיך. „די תּבֿואה אויפֿן פֿעלד פֿוילט,
זי האָט זיך איבערגעווייקט אין די רעגנס„, רייד.
־עכ׳ן. ־עניש.

איבערוויכוחן — [...וויקואַכן,...וויקועכן]
טרוו. וויכּוח איבער, ~געוויכּוחט. נאָכאַמאָל,
פֿונדאָסנײַ פֿירו אַ וויכּוח וועגן דעם זעלביקן
ענין. א, די זעלביקע פֿראַגע אַהין און צוויק.

איבערוויכט — אַנשטאָט איבערגעוויכט. נר.
„די א, פֿון דער נײַער פֿיזיק...„, גוטנ. „דער
דאָזיקער א, איז נוגע נאָר די קראַנקע...„,
'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929.

איבּערוויכטיק — אַדי. זייער וויכטיק. ,,ס'איז
א, איַינצושטעלן אַ פֿאַרבּינדונג מיט דעם ראָש“,
רייד. ־יקייט.
איבּערוויכערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~
געוויכערט. וויכערן און אויפֿהערן. ,,ס'ועט א,,
וועט מען דעמאָלט זיך נעמען אַוועקראַמען דעם
שניי,,.
איבּערווילדעווען זיך — אוטוו. ־דעווע זיך
איבּער, זיך ~געווילדעוועט. 1. ווילדעווען און
אויפֿהערן. ווערן געזעצט. א, זיו און ווערן
אַ ליַיט. 2. ווערן אַ בּיסל ווילד. א, זיך אָן
אַ השגחה.
איבּעדוויליק — אַדי. וויליק בּיז גאָר. ,,וואָס
רעדט איר, איך בּין וויליק. איך בּין א, איַיך
צו העלפֿן,,, רייד.
איבּערווינדונג — די, ־ען. דטשמ. נר. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערווינדן. דאָס גובֿר
זיַין גרויס אָנשטרענגונג. ,,עס קאָסט אים
גענוג א', איידער ער קען זיך בּאַשליסן פֿאַר אַ
מענטש אויפֿצודעקן זיַין האַרץ“, ארז, קמ,
.No ,18▯5 4
איבּערווינדלען — טרוו. ־דל איבּער, ~
געווינדלט. איבּערוויקלען מיט אַ ווינדעלע. “ווי
אָפֿט דורכן טאָג ז'האָט די קינדער געזויגן און

וויפל זי האָט זיי איבערגעווינדלט“, מלה,
,קוני־לעמל דער פֿאַרלאָזענער'. ־עניש.
איבערווי'נדן — טרוו. איבערווי'נד, ~(געֿ)־
געוואו'נדן. in()en [ְbe ְ י־ ְ]ו: M ְd. ארכ. איצט
דטשמ. נר. 1. זיגן איבער עמעצן (אין אַ
וויכּוח). “צווייא לײַט דא דישפּוטירן נור איינר
דעם אַנדרן צו איבּר ווינדן“, ספֿר מבֿחר
הפּנינים, הומבּורג תּצ“ט. „דער דא קומט אונ, וויל
איינם איבּר ווינדין...דר קאַן ניט בּרענגן איין
זאַכן דיא מן קאַן טײַטשן אין צווייארלייא
גשטאלט„, שי, אַמשט 1770. 2. בּײַקומען,

928 ְ

גובֿר זײַן. „ער ווערט אַלי זײַני פֿײַנד איבּר
ווינדן„, איבּז, ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד,
פֿפֿאָ תּקנ„ט. „עס וועט ניט זײַן לײַכט צו
א, די אײַנגעוואָרצלטע פּאַרטיי־אינסטינקטן און
פּאַרטיי־אַמביציעס„, ח. שורער, פֿאָר, 20 l964 IX.
„ווייש אידליכר רשע דז ער קיגן גוט זינד
[= זינדיק ְ], אבּר דער יצר־הרע אין [= אי ְ]
איבּר וינד“, צוכט. „ער לעבּט! דו הערסט?
ער איבּערוואונדן האָט דעם טויט„, פּמ, ,פֿאַר

פֿאָלק און לאַנד'.

3. אַריבּערשטײַגן. „גידולד איבּר ווינד אַלי... שולד„, צוכט. „אַז דיא שפּראַך וואָרט גייט: דער לײַדער איבּר ווינט דען שטרײַטר“, ר, משה בּר, אליהו, מלאכי קודש, וואַרשע 1839.

. אַריבּערטראָגן; אײַנצוימען, דערשטיקן. „איז ער איין מצווה נאָך גיגנגן, לאָזט זיך הש„י זײַן רוגז פֿין דען מענשן איבּר ווינדן“, עיון, ו/א. „איר וועט א, אײַער עקל צום ייִדיש און קומען דרשענען אויף ייִדיש צום פֿאָלק“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „ווייטיקן דאַרף מען א'“, מאָל, 'נאָכן גאָט פֿון מדבּר'. 5. זיך דערהייבּן איבּער עפּעס (ווען עס רעדט זיך ווען דורכפֿאַל, מפּל). א, די פֿריִערדיקע מפּלות. „...ווי אַזוי צו א, די שטענדיקע דורכפֿאַלן„, ג. אַראָנסאָן פֿאָר, 1964 III ו 24.

,

6. זן. אַרומוויקלען. „עשׂ שטיט: 'תּפֿילה לעני כּי יעטוף'...אלזא ער איבּר ווינט אַרום אַלי תּפֿלות אין עולם, אונ, גיאן ניט אַרויף בּיז זײַנה גיט פֿר אַלי תּפֿילות„, נצ1, ויקרא, ג/א.

אויך מיט ז י ך — „אונ זאַך וויא טירײַץ

שטונד אין נוט. און, וויא ער זיך לישׂ איבּער
ווינדן,,, בּבֿא־בּוך, 602.
איבּערווינדער — דער, ־ס. אַרכ. ווער עס
איז גובֿר. בּעל־נצחון, זיגער. ,,וויא נון
קרעזיס [= קרעסוס] פֿאַר זײַן איבּר ווינדיר קומט,
פֿאַלט ער אויף זײַני קניא“, גה, 175.
איבּערווינטערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~
געווינטערט. איבּערזײַן, איבּערוואוינען די
ווינטערצײַט. ,,די בּהמות פֿון לנד די ווערן אויף
אים איבּר ווינטרן“, סהמ, ישעיה, יח, 6. ,,זיי
האָבּן געמוזט א, אויף דעם אינדזל,,, אמד,
פּלאי ה,, ווילנע 1856. ,,פֿייגל וואָס זייער
טבֿע איז...סוף זומער אַוועקצופֿליִען דאָרט און
א, אין די ווײַטע וואַרעמע מקומות,,, ממוס,
מ□ןעו□נ.
־ונג — ,,דער פּראָצעס [פֿון איבּערשלאָפֿן
דעם ווינטע□] איז בּאַקאַנט אַלס א, און איז
פֿאַרשפּרייט צווישן די פֿאַרשיידנסטע יונקים,,,
ש. בּלוס, דער בּויס פֿון לעבּן, נ,,י 1931.
איבּערווינטש(עווע)ן — טרוו. ־טש(עווע)
איבּער, ~געווינטש(עווע)ט, ~געוואונטשן.
1. איבּערחזרן דאָס ווינטשן. א, עמעצן
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַריכות־ימים. 2.
ווינטשן אַ סך מאָל, אַ צאָל זאַכן אָדער אַ צאָל

מענטשן. א, אַלע געסט אַ גוט־יאָר. 3. צו
פֿיל ווינטש(עווע)ן. א, צו האָבן נחת פֿון
אייניקלעך און אוראייניקלעך און אור־
אוראייניק: (־יז,) ־ע כ ן ־טשעגיש.
.

-

-
ײַ.
. מיט ז י ־טש

איבערוויצלען זיך

איבערווינען — טרוו. איבערווין, ~וואונען.
נinne י־r ו i : M. אָרכ. דזוו
איבערווינדן .). (באַ)זיגן. „אין אַן פֿאַנג פֿון די
שטרײַט האבן די כשׂדים איבר וואונין„, יוסיפֿון,
פֿיורדא 1764. ־ונג — „די איבר ווינונג
בשטיט ניט אין פֿיל פֿאָלק, נײַארט אין די
שטארקהייט אונ, פֿעשׂטיקייט פֿון דשׂ האַרץ„,
יוסיפֿון, אַמשט 1743.
איבערווינקען — אוטוו & טרוו. ווינק איבער,

~געוואונקען. 1. וויגקען, פּיגטלען מיט די
אויגו. א, איינער צום צווייטן. 2. מיט ווינקען
עפּעס איבערגעבן, אויסדריקן. א, איינער צום
צווייטן אַן אָנצוהערעניש (וועגן עמעצן וואָס
איז אויך דאָ דערבײַ אָדער וועגן עפּעס וואָס
מע ווייסט).
איבערווינקען זיך — ← דפּוו. 1.
גוטמוטיק (פֿריידיק) ווינקען איינער צום צווייטן.
א, זיך ווי חתן־כּלה. א, זיך און לאַכן. „עס
כאַפּט זיי אָן אַ ציטערניש אינאיינעם מיט אַ
פֿרייד, די אייגלעך הייבן אָו...זיך א'', הל,
אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים. „און דאָ האָט אַ
מענטש מיט אַ צווייטן זיך איבערגעוואונקען
ניט פֿרעמד„, מל, 'צוטרוי'. 2. געבן
אָנצוהערעניש מיט בליקן, מיט וואונקען. „די באַקאַנטע
פֿלעגן צווישן זיך א, זיך מיט אַ שמייכעלע,
גלײַך ווי גערעדט: מיר פֿאַרשטייען", ממוס,
ווינטשפֿ. „די פּריצים האָבן איר דערזען, זיך
שעלמיש איינער מיטן צווייטן
איבערגעוואונקען און געפֿרעגט...ווער איז די '
זשידאָוועטשקע'", וויספּע, קאָוונע 1921, 1.
3. אָפּלאַכעריש, ווינקען איינער צום צווייטן.
„אָט האָט איר אײַך דעם חכם — לאַכט דער
אַשמדאַי, איבערווינקענדיק זיך מיט דעם גאַנצן

פּעקל לצים“, ממוס, קליאַטשע.

4. אויסמײַדנדיק ווערטער, קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג, אַ באַשלוס, אָדער איבערגעבן אַן אָנווײַז, אַ באַפֿעל מיט אַ וואונק. “...האָט זיך איבערגעוואונקען מיט דעם ייִדל...טוט ער אים אַ כאַפּ און וואַרפֿט אים אַרײַן אין וואָגן“, ממוס, ווינטשפֿ. “ווינקט זיך דער פּרעדסיעדאַטעל איבער מיט די חבֿרים און זאָגט שטרענג“,

פּרץ, 'נישט פֿאַרמישפּט,. 5. פֿיג. “און שטערן מיט שטערן האָט זיך איבערגעוואונקען נאָך יעדן רוף פֿון...דניאל שמש,,, שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'.

־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.

איבערוויסנשאַפֿטלעך — אַדי. נעאַל, צײַט. וויסנשאַפֿטלעך ביז אַן איבעריקער מאָס (ספּעצ ווען עס רעדט זיך וועגן ענינים וואָס זײַנען מחוץ די ראַמען פֿון וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן). דאָס א'ע אַרגומענטירן וועגן רעליגיע.

איבערוויציק — אַדי. צו פֿיל וויציק, איבעריק וויציק. ,,מע טאָר ניט זײַן א', ווען עס רעדט זיך וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין“, רייד. ־יקייט.

איבערוויצלען זיך — אוטוו. ־צל זיך איבער,

זיך ~געוויצלט. 1. ריידן איינער צום אַנדערן
אין אַ וויציקן טאָן, בדרך הלצה, שפּאַסיק.
א זיך אויף אַ רגע און ווידער ווערן עתסט.
2. וויצלען זיך צו פּיל, טרײַבן חוזק. 3. וויצלען
זיך און אויפֿהערן.

איבערוויקלען
איבערוויקלען — טרוו. ־קל איבער, ~
געוויקלט. 1. וויקלען אויפֿסנײַ, אויף אַן אַנדער
אופֿן. א, די רצועות. א, דעם באַנדאַזש. א,
אַ וואונד. א, די אָנעטשעס. 2
פֿונאַנדערוויק.
לען, אויסוויקלען און פֿאַרוויקלען, אײַנוויקלען
(בעסער, אַזוי ווי מע דאַרף). א, אַ באַל סחורה.
א אַ ספֿר־תּורה. "טאָג נאָך טאָג שוין ציט
,
פֿון דרום...עמעץ דאָרט אין וועלטן־עקן וויקלט
איבער אַ יריעה", האָפֿ. אויך פֿיג. א, אַלע
פֿאַרגעסענע חטאָים. 3. איבערפּאַקן אָדער פּשוט
פֿאַרפּאַקן אין פּאַפּיר, געוואַנט אע. א, די
ביכער זיי אַוועקצושיקן. א, די מתּנה אין
געבלימלט פּאַפּיר.
4. אײַנוויקלען אין אַווינדעלע. ,,אַז ס'איז
געבאָרן געוואָרן בײַ רייזלען דאָס ייִנגל, איז

דאָס ערשטע געווען אויסבאָדן דאָס קינד, א,
און באַטראַכטן אין ווען איז דאָס געראָטן,,,
שע. 5. בײַטן ווינדעלעך. ,,[דאָס קינ] איז
שטענדיק געלעגן אין דער נעץ. איר האָט
גאָרניט געאַרט אַז זי זאָל זיך כאַפּן אים א',
ער זאָל ליגן אין דער טרוקן,,, ש. בעקערמאַן,
די שלימַמזלניצע, אַדעס 1887.
6. וויקלען איינס אויף דאָס אַנדערע. א,
אין נאָך פּאַפּיר. 7. אַרומוויקלען, איבערדעקן.
,,ער האָט די מצות ניט איבערגעוויקלט, קיין
כּזית מרור ניט אויפֿגעגעסן,,, קמ, 1866, No
8. 9. וויקלען אַ סך, כּסדר. א, ציגאַרן.
מיט ז י ך — אויך: איבערקײַקלען זיך,
אַריבערגיין צו אַן אַנדער אַרבעט אָדער גרופּע.
,,...האָט זיך איבערגעוויקלט צום ריין־
וואַרשעווער ,איזראַעליט'", פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערווירטשאַסטן — אוטוו. ־שאַפֿט
איבער, ~געווירטשאַפֿט. זאַמעט, קורלאנד.
קאָמאַנדעווען, אָנמאַכן אַ הקדש דורך
איבערשטעלן אָדער אָנוואַרפֿן זאַכן. ,,זע סאַראַ הקדש!

וואָס די קינדער האָבן דאָ איבערגעווירטשאַפֿט!“, רייד.

איבערווירען — טרוו. ־רע איבער, ~ געווירעט. 1. נאָכאַמאָל ווירען, מאַכן ליניעס מיט אַ ווירע. א, דאָס פּאַפּיר, ווײַל די ליניעס זײַנען אַרויס קרומע און לאָמע. 2. ליניעס, געמאַכטע מיט אַ בלײַער, איבערציִען מיט טינט, טוש, מיט אַ מער קאָנטיקן מיטל. „איך וועל אָנווירען מיט אַ בלײַער און דו וועסט א, מיט טוש“, רייד.

איבערווירצן — טרוו. ווירץ איבער, ~ געווירצט. 1. אַרײַנגעבן צו פֿיל געווירץ. א, אַ מאכל. 2. פֿיג. דערציילן, באַשרײַבן עפּעס מיט צו פֿיל באַפּוצונגען לשבֿח אָדער לגנאי. א אַ פּיקאַנטע געשעעניש. ־ונג.

איבערווירקלעכקייט — די (דאָס), ־ן. אויסגעאיידלטע, אויסגעלײַטערטע ווירקלעכקייט וואָס איז פֿאַראַן נאָר אין דמיון. „ברענגען דעם מענטשן אַ געפֿיל פֿון דערהייבונג און פֿרן א,“, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מודן דור I.

איבערווירקן — אוטוו. ווירק איבער, ~ געווירקט. נעאָל. האָבן אַ פֿאַרקערטע השפּעה. ווירקן אויף אַן אַנדער אופֿן כדי אָפּצושאַפֿן

די פֿרִיערדיקע ווירקונג. „די גאַס ווירקט אַוודאי.
די היים דאַרף אָבער א'„.

929

איבערווישן — טרוו. וויש איבער, ~
געווישט. 1. ווישן מיט אַ האַנטעך, שטיקל
שטאָף אע נאָכן וואַשן, נאָכן האַלטן אין
וואַסער. „זי איז באַשעפֿטיקט מיט א, גלעזער,
שעלכלעך אויס ווּעלכע מע האָט געטרונקען
טיי", ממוס, ווינטשפֿ. „דערנאָך שווענקט מען
עס איבער מיט ריין וואַסער און מע ווישט
איבער אויף טרוקן מיט אַ ווייך טיכעלע„,
פֿאָר, 2 .1 X 1964. ווישן צו מאַכן טרוקן,
באַפֿרײַען פֿון וואָסער ניט איז פֿײַכטקייט. "
געגלעט זײַנע...האָר, איבערגעווישט זײַן
פֿאַרשוויצט פנימל", ר. שושנה, פֿאָר, 1965 □י 15.
3. ווישן צו מאַכן ריין. א, די פּאָדלאָגע. „ער
האָט זיך פּאַמעלעך באַרואיקט, צוריק
אַנידערגעזעצט, איבערגעווישט די פּאַרלאָפֿענע ברילן„,
פּרץ, 'וואָס הייסט נשמה'.
מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע).
איבערוועב — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון איבערוועבן.
איבערוועבן — טרוו. וועב איבער, ~געוועבט.
1. וועבן אויפֿסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א,
דאָס גאַנצע געוועב. 2. וועבן צו פֿיל, אַ
לענגערע צײַט אָדער ביזן סוף. ־ונג.
איבערוועג — דער, ־ן. אַקט פֿון איבערוועגן.
איבער וועג גיין — אַרכ. זיך אַרויסלאָזן
אויף אַ (ווײַטער) נסיעה. ,,דאשׂ שפּריך וואָרט
לערנט איינם דער דא גיט איבּר וועג, צו
טראָגן זײַן שפּײַז זאַל ער ניט זײַן טרעג,,,
צנכט.
איבערוועגיק — אַדי. נעאָל. וואָס וועגט
איבער. איבערוועגנדיק. וואָס האָט מער גרונד,
איז מער, בעסער מאָטיווירט. א'ע מערהייט,
ראַיות ־יקייט.
.
איבערוועגן — אַקוזוו. דזוו אויסוועגן I
(←). פֿאַרריכטן דעם וועג; מאַכן אַ גלאַטן
וועג. טוו פֿאַר 'פֿלס'. נצ2 פֿאַרטײַטשט 'פֿלס
מעגל רגלך, (משלי, ד, 26): ,,זאָלסט א, די
שטעג פֿון דײַנע פֿיס“.
איבערוועגן — [לאַנגע ע אין פּד, אוקר]
טרוו. וועג איבער, ~געוואויגן (~געוועגט).
Mhd :ו□□be□—ך□ □gen. ארכ איבערוועג'ן,

אַזוי אויך פּר. [ווײַל כמעט אַלע בּבֿ פֿאַלן צונויף, ווערט איבּערוועגן באַטראַכט אינאײנעס מיט אי'בּערוועגן וואָס איז די סטאַנדאַרדיזירטע פֿאָרעם אין כלל־שפּראַך.

1. וועגן נאָכאַמאָל כּדי צו באַשטימען די ריכטיקע וואָג. א, דאָס זעקל צוקער. „ער זאָל דאָס געלט איבּערציילן און זאָל א', און עס פֿאַרבּײַטן בּ א אַ חלפֿן", חה.
י

2. געבּן מער וואָג וויפֿל עס קומט. „זעט, באַלעבּאָסטינקע, איך האָבּ אײַך איבּערגעוואויגן דאָס (אויפֿן) פֿלייש", רייד. „און דער וואָס וועגט זאָל אַ ביסל א, און זאָל אַ ביסל צוגעבּן", לט2, צא/א.

3. וועגן מער, שווערער; האָבּן מער וואָג. אַריבּערציִען אויף דער וואָגשאָל. „נעמט ער דאָס אויג און לייגט עס אויף איינער וואָגשאָל, און אַל זײַן זילבּער און גאָלד אויף די אַנדערע וואָגשאָל. אַזוי איבּערוועגט דאָס אויג

איבּערוועגן

אַלדאָס זילבּער און גאָלד", ר, אַבֿרהס עפּשטיין, דרך אַבֿרהם, לאַשטשעוו 1817. "האָט

מיך די געוויכט איבערגעוואויגן, זי איז אַראָפּ אונטן און איך בין אַרויף אויבן", אמד, דער רענדל, ווילנע 1868. "אַרויפֿלייגנדיק די ביידע זאַכן אויף די וואָגשאָלן איינע אַקעגן די אַנדערע צו זען וועלכע פֿון זיי וועט א'", ממוס, קליאַטשע.

4. דזוו ב3, נאָר וועגן מצוות און עבֿירות. "וואָס זשע וועגן בײַ אים איבער: די מעשׂים־טובֿים אָדער די זינד?,,, רייד. ,,דאָרטן שטיאן דיא זכיות אונ, דא שטיאן דיא חובֿות...אונ, נאָך דעם וויא זיא איבר וועגין דיא זכיות אַדר חובֿ לצד זה אַדר לצד זה...,,, נצ1, במדבר, יז/ד. ,,די עוונות וועגן איבער — איז שוין דאָ כּמה ממונים לצד שׂמאל און זײַן מזל וועט געשלאַפֿט", נצ2, יב/ד. ,,די חטאָים וועגן ניט איבער די מעשׂים־טובֿים, קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט", פּרץ, 'דרײַ מתּנות'.

5 פֿאַרמאָגן (האָבן) מער ווערט, זײַן חשובֿער,

.

ערשטיקער ווי עפּעס אַ צווייטע זאַך (ענין, שטריך). ,,איין גוטע מחשבֿה וואָס איינער האָט צו אַ מצווה...די וועגט איבער פֿיל מצוות וואָס זענען געטאָן געוואָרן אָן אַ רעכטע מחשבֿה", חה, 37. ,,ס'טאָר ניט א, פּשוטקייט פֿון זאָג,

וואָס דאָס איז גרעסטער סוד פֿון לעבעדיקן לשון,,, בּ. לאַפּין, פֿולער קרוג. ,,ער האָט איבּערגעוואויגן, דײַן הײַנטיקער טאָג“, סוצ, פֿעסטונג.

6. זײַן שטאַרקער, דאָמינירן איבּער עפּעס פֿון אַן ענלעכן מין, שטריך אאַזוו. ,,וועלכע שמערצן איבּערוועגן, צי דער ווייטיק פֿון אַן אָפּגעשניטענעם פֿינגער פֿון דער האַנט צי... פֿון דעם פֿוס“, שע, אין שטורעם. ,,דער צער פֿון ניט האָבּן קיין אורחים האָט בּײַ אַבֿרהם אָבֿינו איבּערגעוואויגן דעם צער פֿון מילה“, ר, יצחק פּעטערבּורגער. ,,דער טאָן וואַקלט זיך צווישן כראָניק און ליריק, דער לירישער עלעמענט וועגט איבּער“, שנ, ייִד, שרײַבּער אין סאָוו,־פֿאַרבּאַנד.

7. דזוו אויסוועגן. וועגן אַ סך, אַלץ, בּיזן סוף. א, דעם גאַנצן זאַק צוקער און אײַנטיילן אין צווייפֿונטיקע זעקלעך. ,,ווען גאָט זאָל הייסן א'...די מצוות און די עבֿירות פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך דאָס צינגל פֿון דער וואָג קוים גערירט“, פּרץ, 'דרײַ מתּנות'. *א, מיט ג אָ ל ד = אָפּוועגן עמעצן מיט גאָלד אויף דער צווייטער וואָגשאָל, דה האַלטן אים זייער טײַער, שאַצן זייער הויך זײַנע מעלות.

“ער איז ווערט דאָס מען זאָל אים א, מיט
גאָלד“, א. נוסבּאַום, פּעסעלע די גאַבּעטע,
וואַרשע 1885.
8. אָפּשאַצן, איבּערשאַצן. א, אַרגומענטן. א,
דעם מענטשן, זײַן כאַראַקטער. „מע האָט זײַנע
מעשׂים אויך איבּערגעוואויגן„, צ. ה.
האָרנשטיין, זלידניעפּקער לעבּענדע פּאָטאָגר„
בּאַרדיטשעוו תרנ“א. „הייבּט זיך אַן דאָס וועגן
און א, [דעם מענטשן]“, הל, טאָג, 23 1949 IX.
9. איבּערטראַכטן, איבּערקלערן. א, אַהין און
אַהער איידער מע בּאַשליסט. „און דער נאָך
זאָל ער איבּר וועגן אין זײַנם שׂכל דען גרושׂן
לון דען ער ווערט בּיקומן אויף יענער וועלט

איבּערוועגנדיק

קיגן דעם דאשׂ ער זײַן יצר־הרע בּיצווינגט
אויף דער וועלט„, לט1, ל/א. „איטלעכער מענטש
זאָל א, זײַן דיבּור, איי[דער] ער גייט אַרויס
פֿון זײַן מויל„, ר, משה בּר, נתן נטע איבּז,
שבֿט מוסר, סודילקאָוו 1833. „וועג איבּער
דײַן שׂכל, דו זאָלסט ח„ו קיין טעות ניט
האָבּן“, חה, כח. „ער האָט אונדז דערנאָך
געזאָגט אַז ער וועט נאָך א, [זײַן החלטה]„, י.

בּודזאָהן, אַ מעשׂה פֿון אַ רבֿ..., ווילנע 1927.

10. מכריע זײַן. באַשטימען. בּ, יט/א, פֿאַרטײַטשט 'מכריע': איבּר וועגט. „צוויי פּסוקים דיא לויקנן...איין דעם אַנדרן — זא קומט דער דריט אונ, איז איבּר וויגן צווישן זי“, טח, במדבּר, ז, 89. „ווען דאשׂ פּירוש ניט איבּר ועגט, איז איין קשיא דער קיגן...“, שי, אַמשט 1770. „איבּערוואויגן האָט די שאָל פֿון איר פֿאָטער־שטאָט„, פּרץ, 'די היטערין פֿון הייליקן פֿײַער...'. 11. זײַן מער וויכטיק. אָפּגעבּן די בּכורה. האָבּן די אייבּערהאַנט, שטעלן אויף אַ העכערער מדרגה. „דו מיינסט, אַז די הייך פֿון דײַן גוף און דײַן פֿיל פֿלייש וועגט איבּער די חכמה“, שבֿט מוסר (←. בּ9). „מע דאַרף ניט לאָזן א, ניט דעם, ניט יענעם טייל פֿון קינסטלערישן שאַפֿן“, שנ, קריטיק און קריטיקער.

12 פֿאַרגיטיקן; מתקן זײַן. „אַלע מצוות
.
וואָס ער האָט אין משך פֿון זײַן גאַנצן לעבּן געטאָן קענען ניט א, די זינד [פֿון שפּיכותדמים]„, ש. צ. זעצער, ...דיני ממונות און דיני נפֿשות, נ"י 1934. 13. איבּערשטײַגן אין צאָל. די יאָ־זאָגערס וועגן איבּער די ניין־זאָגערס.

פֿרויען, קראַנקע אויף טובערקולאָזע...
איבער,,
וועגן אין כּמות די מענער,,, ,טאָז, שריפֿטן,
וואַרשע 1929.
אויך מיט ז י ך — זיך א, יעדע וואָך און
זען צי מע האָט פֿאַרלאָרן וואָג.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבערוועגנדיק — אַדי. וואָס וועגט איבער,
איבערוועגיק. א'ע מערהייט. ,,די מעלות...
זײַנען אַזעלכע א'ע, אַז די לידער זײַנען גאָך
איצט פֿריש“, יג, תּוך I. ,,די א'ע מיליטערישע
מאַכט,,, מ. ריבֿלין, טמז, 6 1964 X.
איבערוועטן זיך — אוטוו. וועט זיך איבער,
זיך ~געוועט (~געוואָטן). 1. וועטן זיך מיט
אַ צאָל אָדער ביזן סוף. א, זיך מיט יעדער
איינעם וואָס וויל גיין אין אַ געוועט. 2. וועטן
זיך נאָכאַמאָל (אויף אַ גרעסערער סומע).
־עניש.
איבערוועטרעווען — טרוו. ־רעווע איבער,
~געוועטרעוועט. סל. איבערלופֿטערן. א, דעם
פֿאַרשטיקטן צימער. א, די אויסגעפּאַקטע
קליידער, קישנס און פּערענעס. פֿיג. א, אַ ביסל
דעם קאָפּ. מיט ז י ך — אַרויסגיין אַ ביסל
שפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט.

איבערוועלגערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געוועלגערט. פֿרגל: ~וואַלגערן. 1. וועלגערן
אויפֿסנײַ. א אַ בלאַט לאָקשן. 2. וועלגערן אַ

,
צײַט אָדער ביזן סוף. א, אַלע מיירעס און
לויפֿן אַהיים. 3. אויך מיט די איבעריקע
בכֿ פֿון איבערוואַלגערן (←.). 4. שפּאַסיק.

אי()93

בערטראַכטן. איבערדרעשן. איבערדיסקוטירן.
מיט ז י ך — א, זיך אין אַלע שענקען. ־ניש.
איבערוועלט — די, ־ן. העכערע (בעסערע)
וועלט פֿון דמיון. עולם העליון. „אַלץ וויל...
טיף זיך אויסמישן מיט וועלט, מיט א'“,
צײַט, מטטרון. „מיר שטעלן אַוועק אַן א,
אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון דער וועלט„, אבא
גאָרדין, צוק, מאַרץ 1936. „פֿון אַזאַ געלײַטערט
ליכט און פֿון אַזאַ געזאַנג וואָס קומט פֿון
איבערמענטשלעכקייט און טראָגט צו א',,, י.
פּאַפּיערניקאָוו, היימיש, תּשרי תּשכ„ג. ־יק
— אַדי. א'ע השׂגות.
איבערוועלטיקט — אַדי. דטשמ. נר. דזוו

איבערגעוועלטיקט. באַהערשט דורכויס, ביזן סוף.
,,איך בין א, אַליין פֿון האַס", הל, 'לידער צו
אַ ווײַטן פֿרײַנד'. ,,ווי זיי א, מיט מילדקייט",
יוסף ראָלניק, גש. ,,איך בין ממש א, פֿון
וואונדער און התפעלות", ש. ביקל, שרײַבער
פֿון מײַן דוך I.

איבערוועלטיקן — טרוו. איבערוועלטיק,
~(גע)וועלטיקט. אַרכ. דטשמ. אָפּט געניצט.
איבערגעוועלטיקן. איבערשטאַרקן. אינגאַנצן
באַהערשן; באַזיגן, בײַקומען. די געפֿילן א'. מלל
פֿאַרטײַטשט 'תּתקפֿהו..., (איובֿ, יד, 20): "איבר
וועלטיגשט" [תּי: ,,שטאַרקסט אים...איבער"].
,,וועגד נאָר אָפּ דײַן אויג פֿון מיר — עס
איבערוועלטיקט מיך דײַן אויג", פּרץ, פֿינף
מגילות. ,,איבערוועלטיקט מיך דער שלאָף",
הד, אונטער גאָטס הימלען. ,,דער צער
איבערוועלטיקט אַלץ, דאָס האַרץ טוט וויי", ש.
מאַרגאָשעס, טמז, 18 ב1964 II. ־ונג — ,,דיא
שטערק אונ, איבר וועלטיגונג בלײַבט דאָך אַלי
מאהל", ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ,,ט.

איבערוועלטיש — אדי. וואָס איז איבער
דער וועלט, העכער, טיפֿער ווי די פֿיזישע וועלט.
א'ע חזיונות. ־קייט.

איבערוועלטלעך — אַדי. דזוו

איבערוועלטיש. „דאָס לעבן איז בלויז אַ דערנענטערונג
צו אַן א'ע אידייע“, קאַך I. „עס עקסיסטירט
אַזאַ איבערמענטשלעכע, א'ע אויטאָריטעט וואָס
וויל, דער מענטש זאָל אויפֿהערן צו באַשמוצן
זײַן צלם־אלוקים“, צײַט, טמז, 19 □ 1964 I.
־קייט.
איבערוועלן — אַקוזוו. וויל איבער, ~
געוואָלט (~געוועלט, לר, זאַמעט). וועלן אַ סך,
פֿאַרשיידנס. „וואָס דו האָסט שוין אַלץ
איבערגעוואָלט!“, רייד. מיט ז י ך — אומפּ. וועלן
און אויפֿהערן וועלן, דערשטיקן דאָס וועלן.
עס וועט (מוז) זיך אים א'. „האָסט אַ גרויסן
ווּעלער. ס'וועט זיך דיר א'„, רייד.
איבערוועלער — דער, ־ס. זייער שטאַרקער
ווּעלער, חשק צו גוטע זאַכן, צו דעם וואָס מע
האָט ניט (און מע קען ניט דערגרייכן). „ער
לײַדט אויף אַן א'; אים ווילט זיך די שענסטע
מיידל פֿון שטעטל“, רייד.
איבערוועלקן — אוטוו. וועלק איבער, ~
געוועלקט. וועלקן, וויאַנען ביזן סוף. א, אַז
עס זאָל קיין סימן ניט בלײַבן פֿון דער
אַמאָליקער פֿרישקייט.

איבערווערט

איבֿערווענדן — טרוו. ווענד איבֿער, ~ געווענדט (~געוואָנדן, פּד). ווענדן אין אַן אַנדער ריכטונג. א, דעם שטראָם. מיט ז י ך — ווענדן זיך, אַפּעלירן צו אַ צאָל. א, זיך צו אַלע גרויסע קעפּ און גאָרניט אויספּועלן.

איבֿערוועסנעווען — אוטוו. ־נעווע איבֿער, ~געוועסנעוועט. דרייזין. איבֿערזײַן די צײַט פֿון פֿרילינג. א, אין דאָרף אין סאַמע בליצײַט.

איבֿערוועצ(ע, עווע)ן — טרוו. וועץ(־צע, ־צעווע) איבֿער, ~געוועצ(ע, עווע)ט. (שלײַפֿערײַ, שוסטערײַ) איבֿערשמירן מיט פֿעטס.

איבֿערוועק — דער, ־ן. אַקט פֿון איבֿערוועקן (זיך). „אינעם ניכטערנעם א, ליגט די גאַראַנטיע אַז דאָס אַנדערע ווערט געמיינט גאָר־גאָר ערנסט“, מ. שטריגלער, איק, ר„ה תּשכ“ה.

איבֿערוועקן — טרוו. וועק איבֿער, ~געוועקט. פּד. אויפֿוועקן, מאַכן וואַך. ניט לאָזן שלאָפֿן. „איז ער דאָס מאָל אַרײַן אין שטובֿ נאָך שטילער ווי שטענדיק, היטנדיק זיך דאָס ווײַבֿ איבֿערצוּוועקן„, ווײַס, 'דער איבֿערגאַנג'. „אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט געמאַכט אַ געשריי...אָבֿער איך האָבֿ געטראַכט: צו וואָס

א, ס'קינד?“, באַש, גימפּל תּם. „בעסער
וואָלסטו מיך ניט איבערגעוועקט...איך בין אַ ביסל
איינגעשלאָפן איך זאָל פאַרגעסן...אין די צרות„,
מבשר יש ועה, וואַרשע 1900.
איבערוועקן זיך — ← דפוו. 1. אויפכאַפּן
זיך פון שלאָף. אויפהערן שלאָפן; ווערן וואַך.
„איך בין איינגעשלאָפן און זיך איבערגעוועקט
פאַרטאָג מאָדנע פריש און מונטער„, באַש,
פאָר, 11 1964 IX. „ר, משה־יצחק אין בעטל
איבער אים האָט זיך איבערגעוועקט„, ב.
דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט. 2. אַרויסקומען אַזוי
ווי פון אַ טשאַד. „ס'איז געווען קלאָר אַז גאָר
אינגיכן וועט בנימין זיך א, און דערזען וואָס
ער האָט אָפּגעטאָן„, באַש, פאָר, 1 1958 XI.
3. פאַרלירן דעם חשק צו שלאָפן. אויסבודיען
זיך. „נעמט ניט דאָס קינד, ס'וועט זיך א,.
איך וועל עס שוין לייגן שלאָפן“, אָפּאַ, טאָג,
4 1948 I. ־ונג — “ביי אַנדערע [חיות]
דויערט אַפילו די צייט פון דער א אַזוי לאַנג

,

ווי דריי וואָכן„, באַש, פאָר, 22 1964 I. ־עכן.
־עניש.
איבערוועקסל — דער, ־ען. נר. דזוו
איבערבייט. „אין אַ שטענדיקן א'“, נאַד, טינט און

פֿעדער.
איבערוועקסלען — טרוו. ־סל איבער, ~
געוועקסלט. < דײַטש + סל פּרעפֿיקס. נר.
איבערבײַטן. ־ונג.
איבערוועקסן — טרוו. וועקס איבער, ~(גע)־
וועקסט. אמ. 1. איבערשמירן מיט וואַקס אָדער
אַן ענלעכן מאַטעריאַל. 2. א, די דילן.
איבערווערגן — טרוו. ווערג איבער, ~
געוואָרגן. (זן ~געווערגט). דזוו איבערוואַרגן
(□).
איבערווערט — די & דער, ־ן. 1. (
אומגעריכט) גרעסערע(ר) ווערט. „דאָס אַנטיקל האָט
באמת אַן א'„, רייד. 2. דזוו מערווערט
פֿאַר,

איבערווערטיק

דינסט וואָס בלײַבט בײַם בעל־הבית פֿון

ניטדערצאָלן די אַרבעטער פֿאַר זייער אויפֿטו□
„קודם־כּל נישט צו געניסן פֿון דעם אַזוי־
גערופֿענעם א, בײַם עקספּלואַטירן געדונגענע
אַרבעטער„, דוד פֿלינקער, טמז, 1964 □ו 12.
איבערווערטיק — אַדי. וואָס איז פֿון גאָר

גרויסן, זעלטענעם ווערט. „אויסצוגעפֿינען די
מענטשן מיט אַ פֿולן ווערט, מיט נאָרמאַלע און
א'ע שטריכן“, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.
־יקייט — „ווײַזן זײַן א'“, ייִט, פּוילן I.
איבערווערטיקן — טרוו. ־טיק איבער, ~
געווערטיקט. 1. צוגעבן אַ צו גרויסע ווערט.
א, עמעצנס אַן אויפֿטו. א, עמעצן. 2.
איבערשאַצן ווערטן. א, די אָנגענומענע מאָראַל ־ונג.

.

איבערווערטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך
איבער, זיך ~געווערטלט. ריידן צווישן זיך
און אַרײַנוואַרפֿן אומפּרײַנדלעכע, בײַסיקע רייד.
איבערוואַרפֿן זיך מיט שטעכווערטלעך. זיך
א, אַ ביסל און דערנאָך ניט רעדן צווישן זיך.
„ווי דער דאָזאָר מיט בינטשען גייען אַזוי אַרויס
פֿון רבֿס שטוב, האָבן זיי זיך אין דרויסן
אָנגעהויבן איבערצווווערטלען„, בינטשע די צדקתטע,
וואַרשע 1883. „ער האָט חלילה דיך דען
געמיינט, אַז ער האָט זיך איבערגעווערטלט מיט
אַדאָלפֿן„, ווײַס, קנאה און תּאווה ־עניש.

איבערווערטן — טרוו. ווערט איבער, ~
געווערט. איבערשאַצן ווערטן. דזוו
איבערווערטיקן, בּ2 פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער תּקופֿה

,,

וואָס וויל א, אַלע ווערטן און שוינט נישט
קיין אויטאָריטעט", ייִט, פּוילן I . ,,א, אַ סך
פֿון די ביזאיצטיקע אָנגענומענע ווערטן,,, י.
מייטליס, די שבֿחים פֿון רבי שמואל און
רבי יודא חסיד. ־ונג — א, פֿון ווערטן.
איבערווערן — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
געוואָרן. ווערן פֿאַרשיידנדיק, איבערבײַטן
מלאָכות, פּאָזיציעס אין לעבן. ,,וואָס ער איז אַלץ
ניט איבערגעוואָרן די ערשטע פֿינף יאָר דאָ
אין לאַנד", רייד.
איבערזאָג — דער, ־ן. אַקט פֿון איבערזאָגן.
אַ צעדרייטער א'.
איבערזאָגן — טרוו. זאָג איבער, ~געזאָגט.
1. אַליין, נאָכאַמאָל זאָגן דאָס זעלביקע אָדער
כּמעט דאָס זעלביקע. האַלטן אין איין א, די
זעלביקע אויסגעדראָשענע פֿראַזעס. ,,האָסט ניט
געהערט, וועל איך עס דיר א',.. ,,וויפֿל מאָל
דאַרף מען א', איר זאָלט פֿאָלגן,,, רייד. ,,דער
לערער זאָגט זיי איבער די לעקציע און שיקט
זיי אין דרויסן שפּילן זיך", ט. קאַמינסקי,
ביאָגראַפֿיע פֿון אַ י Iראל־קלען, קיִעוו 1913. ,,איך
וועל דיר א, יענע תּורות און דרושים וואָס

דו האָסט געהערט אין נשמה און ניט אין הבֿנה“, לדבֿ, נ„י 1957.

2. נאָכזאָגן וואָס אַן אַנדערער זאָגט. „אים זײַנען ניט געגוג די אייגענע נאַרישקייטן, ער זאָגט איבער אויך אַנדערנס נאַרישקייטן“, רייד.

3. דזוו בֿ2, אָבער מיט אַ (טייליווײַזן) פֿאַרדרייען ווערטער אָדער בײַטן די אינטאָנאַציע. “טפֿו, אַ גוטע בעל־הביתטע כלעבֿן! זאָגט [זי] איבער יענערס ווערטער מיט אַ בייז געלעכטערל“, ממוס, ווינטשפֿ. 4. זאָגן אויפֿן קול וואָס מע

האָט געלייענט. „נעמט אונדז דען נישט אָן אַ חשק אַז מיר לייענען אַ שיין געדיכט...עס איבערצוזאָגן“, שנ, שלוס אַש.

5. נאָכזאָגן אַ מיינונג, אַ גלײַכוווערטל, אַן אויסטײַטש, אַ פּירוש, (אַ שטיקל) תּורה, געהערט פֿון אַן אויטאָריטעט. א, אַ קלוגן אַפֿאָריזם. „מע האָט זיך דערציילט מעשׂיות פֿון דעם רבֿין, מע האָט איבערגעזאָגט דעם רבֿינס תּורות“, ח. ליבֿערמאַן, פֿאָר, 9 XII 1960. „אַלטע חסידים וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען דעם רבֿינס...

ווערטער, האָבן דערנאָך איבערגעזאָגט. ◻ .דעם

רבינס תּורה וואָרט בײַ וואָרט“, מנשה אונגער, טמז, 1965 ׳ 16.

6. נאָכזאָגן אויף אַ מעכאַנישן אופן. א, ווי אַ פּאָפּוגײַ. ״מײַן באָבע פֿלעגט פֿירזאָגן פֿון מחזור און די ווײַבער פֿלעגן א, תּפֿילות מיט צעקאַליעטשעטע ווערטער“, רייד. ״דער אָרעמער עולם אויף די געדיכט־באַזעצטע בענק האָט איבערגעזאָגט דעם פּסוק [פֿון תּהילים],,, חג, טמז, 29 5׳19 I.

7. פּעריאָדיש איבערחזרן. ,,נעמט אונדזערע 'קינות', אונדזערע יענע טרויעריקע 'סליחות, ...די אייגענע צרות, די אייגענע פּורעניות...צו וואָס זיי איבעררעכענען, א'?“, ממוס, 'אַסיפֿות'. ,,דער רבי האָט מיט די ייִנגלעך געהאַלטן אינמיטן א, דעם שיעור פֿון דער וואָך“, מ. ווײַסמאַן פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש. 8. איבער,

דערציילן. א, מיט אייגענע ווערטער. ,,איר ווילט איך זאָל אײַך א, די גאַנצע מעשׂה? ניטאָ פֿאַר דעם קיין צײַט,,, רייד. ,,יעקל האָט אים אַלץ ...איבערגעזאָגט און האָט אים געפֿרעגט...,,, יהל, די אומבאַקאָנטע פֿאַרליבטע, וואַרשע 1901.

9. איבערגעבן וואו מע דאַרף ניט. א, דעם לערער וואָס דער חבֿר האָט געזאָגט. ,,דבר

ניט, דער פּלאַפּלער קען נאָך א, דעם אָדון וואָס
דו רעדסט,,, רייד.
10. זאָגן אויפֿן קול וואָס מע האָט
געלערנט, ווי אַן אופֿן צו קאָנטראָלירן צי מע
קען טאַקע, צי מע פֿאַרשטייט וואָס מע לערנט.
א, די סדרה פֿון דער וואָך. א, אַ בלאַט
גמרא. א, אַ האַרבע סוגיא. ,,הײַנט איז
דאָנערשטיק, דער שרעקלעכער יום־הדין ווען מע
זאָגט איבער דעם חומש און די גמרא
איינציקוויַיז [פֿאַרן רבין], און פּעטש, קלעפּ און שמיץ
כאַפּט מען ניט איינציקוויַיז, נאָר טאַקע גאַנצע
צענדליק'', בן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה,
אַדעס 1893. ,,שבת נאָכמיטאָג פֿלעגט צו אונדז
קומען דער רבי און איך האָב פֿאַרן טאַטן
און פֿאַרן רבין איבערגעזאָגט אַלץ וואָס איך
האָב געלערנט די גאַנצע וואָך,,, רייד. ,,ער האָט
עס באַדאַרפֿט דערנאָך א, אין דער היים
טאַקע, אַמאָל בײַטאָג, אַמאָל בײַנאַכט, ווי דעם
טאַטן איז אויסגעקומען'', ממוס, שלמה. ,,אַז
מיר האָבן זיך געזעצט א, דאָס לייענען, פֿלעג
זײַן פֿריילעך: איינער האָט דעם אַנדערן
געזוכט צו פֿאַרטשעפּען, אונטערשטעלן אַ פֿיסל
מיט אַ קשיאלע אָדער מיט אַ 'כלומר, אין
רשי'', הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי,

קעשענעוו 1934. ‘‘יעדער ייִנגל מוז א, דאָס שטיקל מיט דעם טײַטש — איין טאָג 'מה טובֿו', דעם אַנדערן 'אַדון עולם, אאזוו. צומאָרגנס

איבערזאַלבן

ווערט איבערגעחזרט דאָס נעכטיקע און מע לערנט ווײַטער,,, ססשי I, 62.

11. זאָגן, בעטן אַ צו הויכן פרײַז בײַם פּאַרקויפֿן עפּעס. ,,מע מוז זיו דינגען אַז מע ווייס, דער סוחר וועט א,; מע מוז א, אַז מע ווייס, דער קונה וועט זיך דינגען,,, רייד.

12. (וועגן אַ חובֿ) טראַנספֿערירן, איבערגעבן אַן אַנדערן. א אַ חובֿ (ווען ראובֿן קומט שמעו,
נען אַ חובֿ און שמעון קומט לוין, קען ראובֿן אָדער שמעון א, דעם חובֿ דירעקט צו לוין). אויך: מוותּר זײַן אויף אַ חובֿ. ,,איך האָבֿ דעם חובֿ געמוזט א'. וואָס קען איך אויפֿמאָנען פֿון אַזאַ קבצן?‘‘, רייד.

אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־.ין, ־קע). ־ערײַ.

איבערזאָד — דער, ~זעדער. (אומאיידל) זייער גרויסער הינטן. ,,זע ווי זי שלעפּט איר

א',,, רייד.
איבערזאַט — אַדי. זאַט איבער דער מאָס, די והותר. ,,אַ דאַנק, איך בין שוין א', איז קען ניט עסן מער“, רייד. ,,א, זײַנען מיר מיט פֿאַראַכטונג; א, איז אונדזער זעל מיט דעם געשפּעט פֿון די רואיקע,,, תּי, תּהלים, קכג, 3־4. ,,דער שפּיץ פֿון הײַנטיקער געזעלשאַפֿט, די א'ע עשירות“, פֿאַרן זונאויפֿגאַנג, זשענעוו 1904. ,,איך קאָן נאָך אײַנשלינגען אַ עטלעכע פּאָר יאָרן און אַלץ ניט ווערן א'“, דפּ. ,,מען איז געווען שוין זאַט און א, מיטן רעאַליזם אין די מער ראַפֿינירטע קרײַזן פֿון אייראָפּע,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. ־קייט — ,,אַן אַלגעמיין אַמעריקאַנער פּראָבלעם פֿון א',,,

-

ב. שעפֿנעך פּאָר, 23 III 1965.

,

איבערזאָט — דער, ־ן. אַקט, פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערזידן.
איבערזאָטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געזאָטלט. 1. אָנזאָטלען אויפֿסנײַ, אַנדערש. א', ווײַל די רימענס זײַנען לויז. 2. אַראָפּנעמען דעם זאָטל (פֿון אַ פֿערד) און אָנטאָן אים אויף

אַן אַנדערן. 3. אָנזאָטלען אַ צאָל אָדער ביזן סוף. א, אַלע פֿערד.
איבערזאָטן — טרוו. זאָט איבער, ~געזאָטן.
1. זאָטן, זידן, קאָכן נאָכאַמאָל. א, דאָס פֿלייש.
2. זאָטן צו פֿיל, אַ סך אָדער ביזן סוף.
איבערזאַטן זיך — ← איבערזעטיקן זיך.
איבערזאָטענע זעמל — די. געקאָכטע טייגל, האַלעשקע. „שמענו מזה שאותן גלוסקאות בל„א [= בלשון אַשכנז] איב„ר זאָט“ני זעמי„ל מדרך עליהן המוציא“, עמק ברכה, כלל ב, סימן ה, י'א.
איבערזאַכט — אַדי. זייער באַזאַכט, גאָר פֿאַמעלעך און שטיל. א'ע רייד.
איבערזאָכן — טרוו. זאָך איבער, ~געזאָכט.
(אומאיידל) איבערקרענקען. „ער קרענקט און שיכּורט. ווער ווייס צי ער וועט איצט א, זײַן קרענק“, רייד.
איבערזאַלבן — טרוו. זאַלב איבער, ~ געזאַלבט. 1. זאַלבן נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, אַלע שטעלן וואו די הויט האָט געפּלאַצט. 2. זאַלבן צו פֿיל. א, און פֿאַרשמירן דאָס העמדל.

איבערזאָל(י)ען

איבערזאָל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע איבער, ~ געזאָל(י)עט. איבערשווענקען מיט זאָלע, אַש וואַסער, לויג.

איבערזאַלצן — טרוו. זאַלץ איבער, ~ געזאַלצן, ~געזאַלצט. 1. אַרויפֿשיטן אָדער אַרײַנשיטן זאַלץ אויפֿסנײַ, נאָכאַמאָל. א, פֿלייש וואָס איז קוים באַזאַלצן. 2. זאַלצן ביזן סוף. א, דאָס פֿלייש, מאַכן עס כשר. 3. באַשיטן אָדער אַרײַנשיטן צו פֿיל זאַלץ. א, דאָס געקעכטס. "ווען דו זאַלצסט איבער אַ זאַך — ווי זאָל מען די זאַלץ אַרויסנעמען? נעם גאָמפּקע ריינע און גיב אײַן אין דעם טאָפּ וואָס האָסט איבערגעזאַלצן און לאָז זײַן דאָרטן אַ ווײַלע...,,, איין ביכל...ווי צו פֿר היטן דאָ גיזונד אונ צו פּרנסה..., שקלאָוו 1795. ,,אַ קאָכער וואָס וועט אָדער ניט דערזאַלצן אָדער ער וועט א',,, פֿאַש, 5 XII 1952.

4. איבערטרײַבן, מגזם זײַן. איבערכאַפּן די מאָס. ,,זיידל האָט מורא טאָמער האָט ער איבערגעזאַלצן און טוט אַ מרוקע: אַזוי האָב איך געזען אין 'שבֿט מוסר',,, בערג, בײַם דני.. פּער 5 .I. איבערצאָלן אָדער פֿאַרלאַנגען אַ צו הויכן פּרײַז. "איר קאָנט זײַן זיכער אַז

איך וועל נישט א, קיינמאָל,,, שע, מאָנאָלאָגן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
איבערזאַמלען — טרוו. זאַמל איבער, ~
געזאַמלט. 1. זאַמלען, צונויפֿקלײַבן פֿאַרשיידנס,
אַ צאָל אָדער ביזן סוף. א, מטבעות פֿון וואו
די וועלט האָט אַן עק. 2. זאַמלען צו פֿיל.
איבערזאַמען זיך — אוטוו. זאַם זיך איבער,
זיך ~געזאַמט, לד. ~זאָמען זיך, דרומדיקע
דד. 1 פֿאַרהאַלטן זיך פֿאַרבלײַבן אויף אַ

,

צײַט. א, זיך אין שול און קומען אַהיים
שפּעטער פֿון אַלעמען. 2. זײַן, איבערשטיין
ערגעץ לענגער ווי מע רעכנט. א, זיך אין שטעטל
אַן איבעריקע וואָך. 3. אָפּלייגן אויף
שפּעטער. ,,זי טאָר זיך ניט א, אין דער טומאה
רק וויבאַלד זי קען זיך טובֿלען מוז זי טבֿילה
האָבן", ספֿר מעין טהור, הרבֿ מ. טייטלבוים
דק,,ק איהעל, יאָר? אָרט?

-

איבערזאַסטיק — אַדי. זייער זאַפֿטיק. א'ע
פּירות.

איבערזאַסטיקן — טרוו. זאַפֿטיק איבער, ~געזאַפֿטיקט. 1. מאַכן צו זאַפֿטיק. א אַ

,

מאכל. 2. באַנוצן צו פֿיל ספּעציעלע ווערטער, אויסדרוקן. א, די שפּראַך מיט לאָקאַליזמען, העבּרעאיזמען אע. א, דעם סטיל מיט מליצהפֿליטערלעך.

איבערזאַץ — דער, ־ן. (בעל־מלאָכהשער ט,) רימען וואָס פֿאַרבינדט איין ראָד מיט אַ צווייטער. בכלל יעדער מיטל איבערצוברענגען, איבערצופֿירן קראַפֿט וואָס באַוועגט עפּעס אין פּראָצעס פֿון אַרבעט. אי. ל. זיידל, טאָקערײַ, מאָסקווע 1932. „דער א, האָט זיך צעריסן, מע דאַרף אַ נײַעם רימען".

איבערזאָרגן — אוטוו. זאָרג איבער, ~ געזאָרגט. 1. זאָרגן אַ לענגערע צײַט אָדער פֿאַר אַ צאָל. א, פֿאַר (וועגן) יעדער קלייניקייט. 2. זאָרגן צו פֿיל. 3. זאָרגן און אויפֿהערן.

א, (זיך) און ווערן ווידער לעבעדיק. מיט
זיך. ל2. ־עניש.
איבערזבענקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געזבענק(ע)ט. סל. איבערקלאַפּן, איבערשלאָגן מיט
אַ געריוש. א, דאָס גאַנצע גלאָזוואַרג.
איבערזבלען — [...זעוולען,...זאַוולען] טרוו.
זבל איבער, ~געזבלט. פּאָד. נאָכאַמאָל
באַמיסטיקן. א, די זאַמדיקע פּעלדער.
איבערזוברעווען — טרוו. ־רעווע איבער,
~געזוברעוועט. איבערחזרן, איבערלערנען.
אַרײַנקלאַפּן זיך אין קאָפּ. א אַלע דאַטעס
,
פון געשיכטע פֿאַרן עקזאַמען. א, די
גראַמאַטישע כללים.
איבערזויבער — אַדי זייער זויבער, נאָך
מער ווי מע דאַרף. אַן א'ע בעל־הביתטע וואָס
האַלט אין איין אַרומווישן שטויב.
איבערזוימען — טרוו. זוים איבער, ~
געזוימט. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש מאַכן אַ זוים.
א אַ קליידל. 2. אַרומנייען מיט זוימען אַ
,
צאָל זאַכן. א, אַלע לײַלעכער, טישטעכער.

איבערזוימען זיך — ← איבערזאַמען זיך.
איבערזויער — אַדי. 1. זויער איבער דער
מאָס. א'ע קרויט. אַן א, פּנים. 2. (כעמיע)
וואָס אין דער פאַרבינדונג איז דאָ מער
זויערשטאָף ווי אין אַ צווייטער וואָס באַשטייט פון
די זעלביקע עלעמענטן. א'ער מאַנגאַן־קאַליום.
־קייט — „איר לײַדט פון...אַן א, פונעם
מאָגן“, דר, י. גלען, פאָר, 20 ◻ II 1965.
איבערזויערן — ← איבערזײַערן.

-

איבערזויסן — טרוו. זויף איבער, ~געזויפט.
זויפן, טרינקען אַ סך, אַ לענגערע צײַט, צו
פיל. א, סאַמאָהאָן און אַוועקפאַלן אַ
האַלבטויטער. מיט ז י ך — „קומען וועט נאָך
אַזאַ נאַכט, ווען כ'וועל זיך א, מיט נקמה,,,
אַלף כּץ, אַ מע◻)ה פון יס.
איבערזוכן — טרוו. זוך איבעו, ~געזוכט.
1. זוכן אַ לאַנגע צײַט, אין אַ סך ערטער.
א, עפּעס וואו די וועלט האָט אַן עק. א, אין אַלע
ווינקעלעך. ◻. נאָכאַמאָל זוכן. אַז מע
געפינט ניט, דאַרף מען א'. 3. זוכן ביזן סוף.
אומעטום א, און געפינען.

4. זוכן אין בגדים, אין זאַכן פֿון אַ צווייטן. א, די אַרעסטירטע און (ניט) געפֿינען (קיין) געווער. א, אַלע טשעמאָדאַנעס און (ניט) געפֿינען (קיין) קאָנטראַבאַנד. „מע האָט גלײַך פֿאַרשפּאַרט טיר און טויער...און מע האָט איבערגעזוכט אין אַלע ווינקעלעך, איבערגעטרייסלט אַלע לעכער פֿון גאַנצן שלאָס„, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. „נאָך דרײַ שעה אַרבעט האָט אים דער אַלטער איבערגעזוכט, צי ער האָט ניט עפּעס געגנבֿעט“, פּ. ג., נסים מן השמים, לובלין 1914.

5. בודק זײַן, מפֿשפּש במעשׂיו זײַן. א, בײַ זיך אין האַרצן. „דער מענטש זאָל געוואָרנט זײַן איבערצוזוכן זײַנע וועגן און צו פֿאַרריכטן זײַנע מעשׂים אַלע טאָג„, ר, משה בר, נתן נטע איבז, שבֿט מוסר, סודילקאָוו 1833.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.

איבערזינן

איבערזומערן — אוטוו. ־ער איבער, ~געזזר מערט. איבערוואוינען ▯וי צײַט פֿון זומער. פֿאַרברענגען דעם זומער. א, אויף אַ דאַטשע.

מלל פֿאַרטײַטשט ,וקץ עליו העיט, (ישעיה,
יח, 6): ,,איבּר זומרין,,, אַזוי לויט דער
טראַדיציע זינט סהמ (דאָרטן): ,,און, ער ווערט
איבּר זומרן אויף דעם פֿאָלק דער גײַץ פֿוגל,,.
־ונג.
איבּערזופּן — טרוו. זופּ איבּער, ~געזופּט.
1. טרינקען אַ בּיסל, ווען ניט איז, אויף דער
גיך. א, אַ פּאָר טראָפּנס. א, אויף איין פֿוס
און הײַדאַ. 2. טרינקען צו פֿיל אָדער בּיזן
סוף. א, און פֿאַלן פֿון די פּאַנטאַליקעס. א,
און גאָרניט איבּערלאָזן. אויך מיט ז י ך. זיך
א, מיט בּראָנפֿן און פֿאַלן פֿון די פֿיס. ־עכץ.
־עניש.
איבּערזיג — דער, ־ן. גרויסער זיג, ענר
גילטיקער נצחון. אַן א, איבּערן לאַנגאָניקן
שׂונא. אַ מלחמה אָן אַן א'.
איבּערזיגונג — די, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבּערזיגן. (ענדגילטיקער) נצחון. אין
בּרכת המזון (הג▯־ה של פּסח), אַמשט, 1723,
סג/א ווערט פֿאַרטײַטשט 'עוררת נצחך עליו,:
,,דוא הושׂט דער וועקט דײַן איבּר זיגונג אויף
אין". ,,און, איר זאָלט זאגין (לה, ולגדעון)
כּלומר צו גאָט איז די הילף און, צו גדעון
איז די איבּר זיגונג,,, סהמ, שופֿטים, ז, 18.

,,שלמה המלך ע,,ה וועלכר עשׂ אויך דורך איבּר
זיגונג אַנדרי מלכים...בּיקומן,,, חנוך בּר,
צבֿיהירש סג,,ל איבּז, אגדת בּעלי חיים, הענא
1718. “און, צו אים איז וואַרן גיגעבּן דיא
קרון פֿון איבּר זיגונג“, צאינה, תּרגום שני.
איבּערזיגלען — טרוו. זיגל איבּער, ~געזיגלט.
אַרויפֿלייגן אַ זיגל איבּער עפּעס. א, די
דאָקומענטן, די קאָנווערטן. א, אַ פּאַקעט.
איבּערזי'גן — טרוו. איבּערזי'ג, ~זי'גט. אַרכ.
er־sigm[□ו[□ו: 1 .< d□M. באַזיגן. ,,
שרײַאונג פֿון דיא דא איבּר זיגן אים...,,, טח,
שמות, לבֿ, 18. “און, היצונד האבּן די פֿײַנד
איבּר זיגט די שטאַט ירושלים“, קנות לתּשעה
בּאבֿ פֿיורדא 1727. ,,ווער דא וויל איבּר זיגן
,
זײַנה פֿײַנד פֿון דר וועלט...“, שבֿט מוסר,
פֿיורדא 1753. 2. בּײַקומען. ,,דשׂ קליינה
בּשעפֿניש צו צײַטן דען גרושׂן איבּר זיגט,,,
חנוך בּר, צבֿי־הירש סג“ל, אגרת בּעלי חייס,
הענא 1718. ,,דער מאָנד מיט...פֿילע שטערן
האָבּן די דונקלקייט פֿון די נאַכט איבּערזיגט,,,
שח“ר, דער שרעקלעכער חלום, לעמבּערג 1898.
3. בּאַהערשן, גובֿר זײַן. ,,זיא שטרקין איר
הרץ ניט צו איבּר זיגן דען יצר־הרע“, סהמ,

יחזקאל, ז, 13. „ווער ניט די טרויריגקייט איבּר זיגן קען...“, ספֿר מבחר הפּנינים, הומבּורג תּצ״ט. „אַזוי האָסטו בּאַשאַפֿן דעם יצר־הרע צו פֿאַרזוכן דעם מענטשן, אויבֿ ער זיך ווערט שטאַרקן צו א, די בּייזע געדאַנקען„, תּחנות ובֿקש ות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1790]. [פֿאַסיק אויך פֿאַר הײַנטצײַטיקן ייִדיש: א, געפֿילן, תּאוות, עמאָציעס, שטימונגען — מע דאַרף אָבּער בּײַטן דעם אַקצענט: אי'בּערזיגן]

איבּערזידלען

מיט ז י ך — „פֿון דעם יצר־הרע לאשׂט ער זיך ניט בּיטריגן אונ, איבּר זיגן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. „דאשׂ וואָרט למנצח אופֿט גידאַכט איז אין דיזן ספֿר [ה]לים...דאשׂ איז הקבּ„ה דער זיך לאָזט איבּר זיגן אַזו פֿיל אַז וועןדאָ שטינד למנוצח“, סהמ, כּתובים, הקדמה.

א ־ער — „...(מנצח) לשון איבּר זיגר“, סהמ, דאָרטן. „ער איז טרײַהאַפֿטיק, ער איז דער א, פֿון ישׂראל און זײַן דערלייזער“, שיר היחוד ליוס רבֿיעי, פֿפֿדמ 1885.

אי'בּערזידלען — טרוו. זידל איבּער, ~

געזידלט. 1. זידלען, באַליידיקן אַ סך מאָל, אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. א, עמעצן, יענער זאָל ניט וויסן וואו דאָס פּנים צו באַגראָבן פֿאַר חרפּה. 2. צו פֿיל, צו שטאַרק זידלען. א, ווי אַ מאַרק־ייִדענע. מיט ז י ך — 1. קזוו. 2. זידלען זיך און אויפֿהערן. א, זיך און ווידער ווערן אַ גוטער שכן.

איבערזי'דלען — איבערזי'דל, ~(גע)זידלט. דטשמ. נר. אוטוו אַריבערקלײַבן זיך, אַרי◻־

בערפֿאָרן אויף אַ נײַ וואוינאָרט אָדער אין אַ נײַ לאַנד. א, קיין אַמעריקע. טרוו — אַריבערשיקן, אַריבערפֿירן פֿון איין וואוינאָרט אויף אַן אַנדער וואוינאָרט, אין אַן אַנדער שטאָט אָדער לאַנד. געניצט געוויינלעך בשײַכות מיט געצוואונגענעם אַריבערפֿירן, ספּעצ וועגן נאַציגעטאָס. א, דעם איבערבלײַב פֿון געטאָ אין קאַצעט. א, פֿון דער גרויסער געטאָ אין דער קליינער געטאָ.

אויך מיט ז י ך — „זײַן [לינקאָלנס] זיידע איז געווען פֿון די פּיאָנערן וואָס האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעזידלט קיין קענטאָקי", קמ, 17 1865, No.

„דער קיִעווער שלום־עליכם ברענגט — ער־

...דעם נאַאיוו־נאַרישן, איבערקלוגן פּרנסה־
זובנדיקן א, פֿון דער קליינער אין דער גרעסערער
שטאָט אַריין,,, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.
אין די געטאָס אונטער די נאַציס: אַ ניי־
אָנגעקומענער אין געטאָ, אַ פֿאַרטריבענער פֿון
אַן אַנדער אָרט. בלום.
איבערזידן — טרוו. זיד איבער, ~געזאָדן,
~געזאָטן. 1. (אויפֿ)זידן, אויפֿקאָכן נאָכאַמאָל.
2. זידן אַ צייט אָדער ביזן סוף. 3. זידן צו
פֿיל (און קאַליע מאַכן). ,,די דינסט טוט איר
אויף צו־להכעיס...פֿאַרשׂרפֿעט די קאַרטאָפֿליעס,
זידט איבער די מילך אין אויוון,,, שע, ,די
גרויסע בהלה,. 4. אַריינברענגען אין גרויסער
רוגזא, דענערווירן. א, יענעם די געבליטן. ,,מיין
בלוט ווערט איבערגעזאָדן", שע. מיט ז י ו
— 1. זיך באַקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון
איבערזידן. 2. זיך היצן. זיין אין כּעס און
זיך בארואיקן. א, זיך און זיך צעלאַכן.
־עניש.
איבערזיי — דער, ־ען. אַקט פֿון איבערזייען.
איבערזייגן — טרוו. זייג איבער, ~געזויגן,
~געזייגט. 1. זייגן נאָכאַמאָל. א, דאָס קינד
וואָס איז נאָך הונגעריק. 2. זייגן אַ לענגערע
צייט. "די באָבע פֿלעגט א, אירע קינדער

12־13 חדשים,,, רייד. 3. צו פֿיל זייגן. דאָס קעלבל האָט איבערגעזייגט די מילך פֿון דער קו, און ס'איז ניט געבליבן וואָס צו מעלקן.

933

מע טאָר ניט א, אַן עופֿעלע. מיט ז י ך — דאָס קינד האָט זיך איבערגעזייגט און אָנגעהויבן ברעכן. ,,אָדער [די בריסטוואָרצלען זײַנען] זייער ווייך אַז דאָס קינד קאָן זיך גרינג א'", מלכה בערלאַנט, די גליקלעכע מוטער, א ווילנע 1836.

יבערזײַן — אוטוו. איצ, אימפּ נב; ב י ן ~געווע(ז)ן. 1. זײַן, וואוינען, לעבן (מערווייניק) אויף איין אָרט אַ לענגערע צײַט. א, א אין אַ שטעטל כמה יאָרן. ,,די וועלכע זענען דעמאָלט איבערגעוועזן טעג און נעכט אין די זאַלן און קאָרידאָרן פֿון דער יו־ען,,, א. אָלפּערין, טמז, 29 XI 1964.

2. זײַן נאָר אַ קורצע צײַט. א, ביז מאָרגן און אַוועקפֿאָרן. סוב אַ דאָקטערס אַ

באַ ---

זוך בײַ אַ קראַנקן. ,,און אַ דאָקטער לויפֿט אַרויס פֿון אַ יולדת...ער האָט נאָך אַן א',

אויסגעשטעלט די יד אויף נאָך צען רובל,,,
פּרץ, געדאַנקען און אידיי□ן.
3. זײַן ערגעץ אַזוי לאַנג וויפֿל מע דאַרף.
א, בײַם קראַנקן טאַטן ביז ער וועט זיך
שטעלן אויף די פֿיס. *א, בײַ אַ קימפּעטאָרין =
בײַ אירע ווייען, בײַם האָבן דאָס קינד, בײַם
וואַשן עס, ביז מע קען רואיק זי פֿאַרלאָזן.
*א, בײַ אַ בר־מינן = היטן, זאָגן תּהילים.
גיין אין אַ צאָל ערטער. א, א
אומעטום וואו
4. זײַן, וואוינען, לעבן, (דורכ)פֿאָרן,

דורכאָדם הראשון איז געוועזן. א, אין אַלע
שטעטלעך פֿון געגנט. א, אין אַ סך לענדער. ,,אין
דער צײַט בין איך איבערגעוועזן אין גענוג
שטעט,,, ממוס, פֿישקע. ,,האָט איר זיך
פֿאַרקלערט, וואו דאָס העמדל...איז איבערגעוועזן...
איידער ס'איז אָנגעקומען אין דער קלייט?",
ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928.
מיט (בײַ) פֿאַרשיידענע חבֿרים, רײַכע קרובֿים א
5. זײַן, לעבן מיט אַ צאָל מענטשן. א,

אע. ,,אפֿשר מיט צען ווײַבער איז ער איבער
געוועזן...מיט גוטן און מיט בייזן", ש.

בּרנגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע II, אַדעס
.1932

6. קומען, זײַן אין גרויסע צאָלן. „המונים א
זײַנען דאָ שוין איבּערגעוועןˌ„ רייד. „אַלע
איבּעריקע ייִדן וואָס זענען פֿון אינדערפֿרי
אָן איבּערגעוועןאין שטובּ", מ. ריבֿקין,
ווע א

7. דינען (ווי אַ משרת, דינסט אָדער ווי אַ
ליזשער בלוט־בּלבּול, ווילנע 1914.

גענזעל) אַ לענגערע צײַט. א, בּײַ איין
בּעלהבּית בּיז מע לערנט זיך גוט אויס די מלאָכה.
א, אויף איין שטעל בּיז צו דער חתונה. 8.
דינען בּײַ פֿאַרשיידענע, אויף אַ צאָל שטעלן.
א
„בּײַ וויפֿל [בּעל־הבּיתטעס] איך בּין
איבּערגעוועןˌ איז אַלץ איינע ערגער פֿון דער
אַנדערער", ממוס, ווינטשפֿ.

9. זײַן, לעבּן, וואוינען אַ לענגערע אָדער
קירצערע צײַט און דערבּײַ זיך שלעכט פֿילן.
„כ'וועל שוין ווי ניט איז דאָ א', בּיז מע
וועט מיר צושיקן געלט פֿון דער היים„ˌ רייד.

1O. אקוזוו. איבּערקומען עפּעס (אויף איין
אָרט). א, (אויף) דעם שלימזלדיקן

צוזאַמענפֿאָר. „...איבּערגעווען די צרה וואָס אויף דער
אַכסניה, האָט ער נישט געהאַט קיין...“, אַש,
תּ□ יליס־ייִד.

איבּערזיכט

11. אַרכ. זײַן איינס איבּער דאָס אָנדערע.
„לוג פֿענשׂטיר האָט ער גימאַכט דרײַא ציי„.
לין...כּלומר דיא פֿענשטיר זײַן קיגן אַננדו
איבּר גיוועזין„, סהמ, מלכים א, ז, 4.
יבּערזייען — טרוו. זיי איבּער, ~געזייט.
1. נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ זייען. א אַ שטיק

, ,

פֿעלד. 2. צו פֿיל זייען. א, קוקורוזע און ניט
האָבּן וואו אַהינצוטאָן דאָס גערעטעניש.
יבּערזײַען — טרוו. זײַ איבּער, ~געזײַט
(אויך: ~געזײַעט). 1. נאָכאַמאָל זײַען, בּאַ־
פֿרײַען אַ פֿליסיקייט פֿון אומנייטיקס. א, מעד ,
ראָזשינקע־ווײַן. 2. דזוו דורכזײַען, אויסזײַען.
„אויף געריבּענעם אַרבּעס דהײַנו וואָס מע
צערײַבּט און מע זײַט דאָס איבּער אַז מע
דערקענט שוין ניט דעם אַרבּעס כּמעט מאַכט
מען נאָר שהכּל“, ספֿר שלחן ערוך, חלק שני
[זשאָלקעוו? אָנהייבּ 19. י„ה]. „ווען עס

געפֿינט זיך פֿליגעלעך אָדער אַן אַנדער זאַך אין
עפּעס אַ משקה מאָג מען עס א, דורך אַ זיפּ
אָדער דורך אַ טוך אום שבּת,,, לט2, סז/א.
,,...קאָכן דאָס צעדלקע, אַ שטיקל ליַיוונט אויף
א, מילך“, ממוס, שלמה. 3. פֿיג. א, און
איבּערזיפּן דעם אַרטיקל. אויך מיט ז י ך —
פֿון זיך, אָן ספּעציעלער אָנשטרענגונג. ־עכץ.
־עניש.
יבּערזיַיערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געזיַיערט. 1. זיַיערן צו פֿיל, צו לאַנג, מאַכן
 ו זויער. האַלטן דעם טשאָלנט נאָך עטלעכע
טעג און אים א'. 2. זיַיערן אַ צאָל אָדער
פֿאַרשיידענע מינים. א, אוגערקעס, קרויט,
פּאָמידאָרן.
מיט ז י ו — ווערן זויער (אויו אָן אַ כּיוון).
אויך פֿיג. ,,זי האָט זיו שוין איבּערגעזיַיערט
און וועט שוין ניט חתונה האָבּן“, רייד. ־ניש.
יבּערזיַיערס — דאָס, ־ן. פּעראָקסיד, . ־
פּעראָקסיד. זיַיערס וואָס האָט אין זיך אַ גרויסע
פּאָרציע זויערשטאָף. ,,א'...פֿון וואַסערשטאָף
— אַ פֿאַרבּלאָזע פֿליסיקייט פֿון הײַליקן (בּינ..
דיקן) טעם“, פֿגעז, ווילנע 19 1931, No.
יבּערזיַיערקייט — די (דאָס), ־ן. צו
גרויסער סכום זיַיערקייט. ,,האָניק ווערט פֿאַר

ווענדט מיט דערפֿאָלג בײַ מאָגנס וואָס לײַדן
פֿון א'", י ראל־שטימע, 24 1957 X.

-

יבערזייסן — טרוו. זייף איבער, ~געזייפֿט.
1. אָנרייַבן מיט זייף נאָכאַמאָל, אויף אַן
אַנדער אופֿן. א, די נאָך אַלץ פֿאַרברודיקטע
פנימלעך. 2. זייפֿן אַ צײַט אָדער ביזן סוף.
א, די וועש. 3. זייפֿן צו פֿיל. ־עניש.
יבערזיכט — די, ־ן. 1. איבערבליק,
אַלגעמיינע אָפּשאַצונג בכתבֿ, אין אַן אַרטיקל
אָדער בעל־פּה, אין אַ רעדע, אַ רעפֿעראַט.
„זײַט מײַן א, פֿון פֿאָריקן יאָר איז גאָרנישט
וויכטיקס געשען אין דער ייִדישער פּאָליטיק„,
משה קליינמאַן, יודישער קאַלענדאַך לשנת
תּרס"ט, לעמבערג 1908. „זײַנע א'ן פֿון דער
פּראָווינץ זײַנען געווען פֿול מיט האַרציקן
הומאָר...און מיט ליבע„, מוק, מײַנע
באַגעגענישן 2 .I. שטודיע וואָס מע פֿירט דורך צוליב
געזעלשאַפֿטלעכע אָדער ריין־וויסנשאַפֿטלעכע
צוועקן, געוויינלעך מיט אַ פֿאַרסך־הכּלונג און

איבערזיכטלעך

אויך מיט אויספֿירן און רעקאָמענדאַציעס. א,
איבערן מצבֿ פֿון חינוך. א, איבער דעם
שטייגער לעבן אין די פֿאָרשטעט. ,,...געלייענט
אין...אַן א, פֿון ייִדישער קולטור־געשיכטע אין
אַמעריקע“, גרינ, איד און וועלט.
איבערזיכטלעך — אַדי. 1. וואָס גיט אַן
איבערבליק; וואָס האָט די שטריכן פֿון אַן
איבערזיכט. ,,די אַרבעט איז דאָס סאַמע
סינטעטישע און א'ע וואָס מיר האָבן וועגן
אונדזער ייִדישן לשון,,, ימ, קוד, 1941. 2. וואָס
מע קען איבערבליקן. ,,אין זײַן נישט גאָר
דורכזיכטיקן, אָבער א'ן סטיל איז פֿאַראַן עפּעס
אַ געדיכטקייט,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער II. ־קייט — ,,[אין] די שטודיעס...פֿעלט
נאָך...קלאָרקייט, א',,, שנ, וועגן יודישע
שרײַבער I.
איבערזיכטלער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־ס. ווב
מינסק 1940. ווער עס גיט אָדער מאַכט אַן
איבערזיכט. א, פֿון פּאָליטישע געשעענישן.
איבערזיכער — אַדי. זייער זיכער, מער ווי
מע דאַרף. ער איז בײַ זיך א'. ־קייט —
רעדן מיט אַ שטאָלצער א'. ,,אָן שום
פֿאַנאַטישקייט און אָן פּריקרער א',,, ימ, ייִבל II ▯ XX,

.1

איבּערזילבּערן — טרוו. ־ער איבּער, ~ געזילבּערט. 1. (נאָכאַמאָל) בּאַדעקן, איבּערציִען מיט זילבּער אָדער זילבּערקאָליר. „זעלכי כּלים די דא בּידעקט זײַן מיט זילבּר און, זײַן איבּר זילבּרט דיא זײַנן יוא היפּש", סהמ, משל□, כה, 11. 2. בּאַדעקן מיט זילבּער אַ צאָל זאַכן אָדער צו פֿיל. מיט ז י ך — אויך פֿיג: ווערן גרו□.

איבּערזילפֿערט — אַדי. אַרכ. איבּערגעסולפֿערט. בּאַדעקט, בּאַשאָטן מיט שוועבּל, סולפֿער. „און מײַן אויגן זײַנן איבּר זילפֿרט"„ קינות לתּשעה בּאבֿ, פֿיורדא 1767.

איבּערזינג — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערזינגען. 2. איבּערדיכטונג. קינסטלערישע, פּאָעטישע איבּערזעצונג. „די ייִדישע ליטעראַטור איז בּאַרײַכערט געוואָרן מיט אַן א, פֿון די פֿינישע קאַלעוואַלאַס", יג, איק, .1955

איבּערזינגען — טרוו. זינג איבּער, ~ געזונגען. 1. זינגען נאָכאַמאָל, פֿונסנײַ. „האָט זי געהערט ערגעץ זינגען אָדער שפּילן אַ נײַס, האָט זי דאָס תּיכּף...איבּערגעזונגען אויף איר שיינער שטימע", שע, אידישע ראָמאַנען.

2. זינגען אַ סך מאָל. „ניטאָ קיין פֿרייד קיין גרעסערע ווי א, לידער“, הר, פֿאַרנאַכט. “ גענומען די שענסטע און בעסטע תּפֿילות...זיי מיט מיר אײַנשטודירט און זיי איבערגעזונגען“, בּ. קאָוונער, פֿאָר, 3 .12 1963 XII. זינגען אַ צײַט אָדער בּיזן סוף. א אַלע פֿאָלקסלידער

,

וואָס מע קען.

4. זינגען מער ווי מע דאַרף. “דאָס ערשטע מאָל האָבּ איך געהערט אַז אַ חזן זאָל ניט

א, צען מאָל דאָס זעלבּע וואָרט“, י􏰀tראל רוחמובֿסקי, זכרונות..., פּאַריז 1930. *א אַ פּ ר ײַ ז

,

= שטעלן פֿאַרלאַנגען אַ צו הויכן פּרײַז.

,

5. איבּערדיכטן. אַרויסבּרענגען אין אַ

פּאָעטי934

שער פֿאָרעם. איבערזעצן פּאָעזיע הייסט א, דאָס ליד פֿון אָריגינאַל. „ער זינגט איבּער אויפֿדאָסנײַ די ייִדישע פֿאָלקסטימלעכקייט“, יג, טמז, I 1965 􏰀י 6. 6. איבּערגעבּן (אַ סוד). מע וועט אים נעמען אויפֿן צימבּל, וועט ער א אַלץ וואָס

,

ער ווייס.

7. איבערזאָגן, איבערחזרן. „אונדזער קוק, אונדזער באַנעם, אונדזער פאַרשטיין...איז לחלוטין פֿון אַן אַנדער מין און מיר קענען ניט א, פֿרעמדס...,,, וויספּע, קאָוונע 1923, א־ב. „ער זאָל ניט א', נאָר שאַפֿן נײַס סײַ לויטן אינהאַלט און סײַ לויט דער פֿאָרעם“, מ. נאָטאָוויטש, סאָוו, היימלאַנד, 2 1961, No.

מיט ז י ך — 1. צו פֿיל זינגען און ניט קענען מער. 2. זינגען בציבור, ווי מע וואָלט מיטן זינגען זיך דורכגערעדט. „ייִדן מיט צעקנייטשטע צורות און קאָלטענעוואַטע בערד האָבן זיך איבערגעזונגען מיט פּסוקים תּהילים“, חג, טמז, 26 1959 ם I.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) — „דער א, פֿון אַלע מאָטיוון,,, קאָר I.

איבערזינדיק — אַדי. זייער זינדיק; וואָס איז מיט אַ סך זינד. א'ע מענטשן, רשעים גמורים. ־יקייט.

איבערזינדיקן — אוטוו. ־דיק איבער, ~ געזינדיקט. 1. טאָן ווידער די זעלביקע זינד. „ער האָט געוואוסט, ס'איז אַ זינד — אָבער

ער האָט איבערגעזינדיקט,,, רייד. 2. זינדיקן
אַ סך מאָל, באַגיין פֿאַרשיידענע עבֿירות. א,
מיט ווײַבער. 3. זינדיקן צו פֿיל. א, מיט
פֿרעסן און ווערן קראַנק.
איבערזיניק — אַדי. 1. וואָס לייגט זיך ניט
אויפֿן זינען. וואָס מע קען ניט באַנעמען מיטן
(פּשוטן) שׂכל. א'ע פֿאָרקומענישן. 2.
איבערחושימדיק, איבערשׂכלדיק. טראַנסצענדירט. א'ע
אַבֿנתּא דליבא. א'ע אינטואיציע ־יקייט.

.

איבערזינלעך — אַדי. דזוו איבערזיניק,
ב2. ,,בײַ די גרענעצן פֿון יענער ממשלה פֿון
א'ן זײַן האָט דער רבש"ע אַוועקגעשטעלט אַ
שטרענגן מלאך וואָס לאָזט קיינעם אַהינצו ניט
אַרײַן", זשיט I, נ,,י 1912.
איבערזינקען — זינק איבער, ~געזונקען.
אוטוו — ווערן פֿאַרזונקען, אַראָפּגיין צום גרונט
אין אַ (גרויסער) צאָל. אין גרויסן שטורעם
זינקען איבער אויפֿן ים אַ סך קליינע שיפֿלעך.
טרוו אַראָפּלאָזן צום גרונט אַ צאָל. א, מיט
----.
אַרטילעריע־פֿײַער דעם שׂונאס שיפֿן.
איבערזיס(יק) — אַדי. 1. וואָס איז צו
זיס, לאַקרעצדיק. א'ע מוזיק. א'ע רייד. 2.

איבערגעטריבן גוט. א'ער כאַראַקטער. ־(י)קייט.
איבערזיסן — טרוו. זיס איבער, ~געזיסט.
1. מאַכן צו זיס. א אַ גלאָז טיי. 2. מאַכן
,
צו גוט. אָפּט איר. א, עמעצן דאָס לעבן. ־עכ ן.
—עניש.
איבערזיפּן — טרוו. זיפּ איבער, ~געזיפּט.
1. דורכלאָזן דורך אַ זיפּ כדי צו רייניקן פֿון
אָפּפֿאַל, פֿון איבעריקס אָדער שעדלעכס. דזוו
זיפּן, דורכזיפּן. „די בעלי־עגלות וואָס גיבן
האָבער די פֿערד טאָרן ניט א, דעם האָבער [אום
שב], עס זאָל פֿון אים אַרויס די פּלעווע“,

איבערזיצן

חא, ווילנע 1863, נח/א. „די רביצין פֿלעגט
ערגעץ אַוועקגיין, פֿלעגט ער מוזן...א, איר
מעל“, ט. קאַמינסקי, אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אַ
י tראל־קלען, קיִעוו 1913. 2. נאָכאַמאָל אָדער
גוט, גרינטלעך זיפּן. א, מעל בײַם באַקן זעמל.
„זיפּ ניט איבער אַזוי די מעל, די מעקלערקע
איז ניט צופֿרידן פֿון דײַנע קלײַען“, ממוס,
מסעות. 3. זיפּן אַ סך. „זײַו אַרבעט איז

געוועןן איבּערצוזיפּן הונדערטער זעק מיט ווייץ,,,
ראַבּאָי, אייגענע ערד. ,,מאַדאַם קורי האָט זיך
נישט געפֿוילט איבּערצוזיפּן טויזנטער זעק ערד,,,
בּעם ▯ I.

4. איבּערקלײַבּן. נאָכקאָנטראָלירן. א,
ווערטער. ,,ער האָט גוט איבּערגעזיפּט, געגעבּן
אויף בּאָרג נאָר גרויסע בּטוחים...לייבּצע
ווידער...האָט אויו ניט אַזוי שטאַרק
איבּערגעזיפּט די סוחרים פֿון די וועקסלען,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,זי האָט איבּערגעזיפּט די פֿאַקטן און
זיך איבּערצײַגט,,, טמז, 5 .8 ▯ 1965 III.
איבּערזוכן, קריטיש איבּעררעכענען. צעוואַרפֿן און
איבּערזיפּן די זאַכן אין קאָמאָד. ,,הכלל, מע
זיפּט איבּער אַלע [מלאָכות]. עס בּלײַבּט —
אַ זייגערמאַכער...[זאָל ווערן] דאָס קינד“, קמ,
1867, No 31. מיט ז י ו — פֿון זיך, אָן
בּכּוונהדיקער אַרבּעט.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.

▯

▯ ערזיסצן — אוטוו. זיפֿץ איבּער, ~

געט. אויך: ~זיפּצען. 1. זיפּצן נאָכאַמאָל.
איבּ
זיפּצ
,,ער האָט ניט געענטפֿערט, ער האָט בלויז
איבערגעזיפּצט,,, רייד. 2. זיפּצן אַ סך מאָל.
זיפּצן כסדר. דער אַלטיטשקער פֿאַרבּרענגט די
צײַט מיט א'. 3. זיפּצן צו פּיל. ,,וואָס זיפּצסטו
איבער? אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר
אונטערגעגאַנגען?". 4. טרוו. אַרויסזאָגן עפּעס
זיפּצנדיק. אויסזיפּצן. א, דעם טרויעריקן
ענטפֿער.
מיט ז י ך — 1. זיפּצן צוזאַמען מיט נאָך
עמעצן; זוכן מיטגעפֿיל איינער בײַם אַנדערן
דורך זיפּצן. זיי זיפּצן זיך איבער ווי אַלטע
גוטע פֿרײַנד. 2. זיפּצן און אויפֿהערן. זיך
א, און נעמען אַ שמעק טאַבּעק.
־עכ ן. —עניש. ־ערײַ.
איבערזיץ־הדר — ← איבערזעץ־חדר.
איבערזיצן — אוטוו. זיץ איבער, בּ י ן ~
געזעסן (פּד ~געזיצן). 1. זיצן, זײַן, זיך
געפֿינען אַ באַשטימטע, אַ רעלאַטיוו־קורצע צײַט.
א אַ פּאָר שעה און וואַרטן. ,,זײַט זשע מוחל,
,
לאָזט דאָ א, דעם יונגנמאַן, ביז סע וועט

ווערן ליידיק אַ באַזונדער צימער", ממוס, '
בּישיבָה של מטה'. „ער האָט אין דער היים זייער
נייטיקע אַרבּעט, איבּערגעזעסן אַ פּאָר טעג
[און אַוועקגעפּאָרן]„, בּערג, בּײַס דניעפּער I.
„ער וועט נאָך אַזוי דאַרפֿן א, דאָ נאָך אַ
נאַכט, בּיז מ'וועט דערגרייכן דעם שוואַרצן
ים", בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטעך.
2. צײַטווײַליק זײַן, וואוינען בּײַ עמעצן,
ערגעצוואו, אָדער אַזוי לאַנג ווי מע דאַרף
(למשל, בּיז אַ סכּנה וועט פֿאַרבּײַ). „צו
בּאַקומען ערגעצוואו אַ לאָך, א, רואיק כאָטש אַ
וואָך, אָט אַבּי נאָר...ניט צו זײַן נע־ונד

טאָגאיבּערזי ן־קינד

טעגלעך", ממוס, יודל. „בּײַ מיר וועסטו זיכער
זײַן און וועסט בּײַ מיר א',„ טויזנט און איין
טאָג, ווילנע 1878. „האָט ער בּאַשלאָסן
איבּערצוזיצן די צײַט אין דער נייטראַלער
שווייצאַריע„, סאַנדלער, טמז, 1965 I י 17.
3. איבּערוואוינען, וואוינען, לעבּן אַ
לענגערע צײַט. „בּעסער איבּערצוזיצן אין אַ ווינקעלע
אויפֿן דאַך איידער מיט אַ בּייז ווײַבּ אין אַ
פֿרעמדער דירה", מס, משלי תּקע"ד, כא, 9.

„זאָלן אַרויף אויף דער קליינער אינדזל...זיי זאָלן דאָרטן זיכער א, און זאָלן קיין מורא ניט האָבן פֿאַר די אינדיאַנער„, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח. „אויף אַלער אַרט דאַרפֿן מיר א, אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ערטל, זאָל קיינער פֿון אונדז ניט וויסן„, ג. ח. לעוונער, דעס שוחטס טאָכטער, ווילנע 1897.

4. זיצן אויף פֿאַרשיידענע ערטער. „שוין איבערגעזעסן אויף אַלע אײַערע שטולן. צײַט צו גיין אַהיים“, רייד. 5. זיצן צו לאַנג. א, ביז שפעט אין דער נאַכט אַרײַן. [בײַם קאָרטנשפילן] „ווען דשׂ זי די צײַט אובר זיצן הונגריק און, דורשטיק און, באַר שמאַכט„, ש. הוגרלנס שפּילליד', 15. י“ה [ריב, קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן]. ניט לאָזן דאָס ברויט א, אין אויוון.

6. זיצן מיט אַ ספּעציעלן ציל. א, בײַ אַ חולה און אים דערלאַנגען די רפֿואות. א, בײַ אַ בר־מינן און זאָגן תּהילים. “וגם איז איין תּיקון ישן געוועזין ווען איינר גוסס ווער זאָל מאַן שיקען קברנים איבר צו זיטצען... מעבֿור־יבוק זאגין וואָס דא צו געהארט“, 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא', תּנ“ב

.[Bobemia. ▯ u(laiea]

7. זיצן, זײַן אין תּפֿיסה די באַשטימטע
צײַט. א, די פֿולע פֿינף יאָר. א, אין פּאַוויאַק
און דערנאָך אַרויסגעשיקט ווערן אין אַ
קאַצעט. 8. זיצן אין אַ צאָל תּפֿיסות. „אין אָלע
תּפֿיסות איבערגעזיצן“ פֿמ. „איז אין זײַן
לע,
בן אין פֿיל תּפֿיסות איבערגעזעסן„, ממוס,
שלמה.
9. בלײַבן זיצן אַ ניט־חתונה־געהאַטע(ר).
פֿאַרשפּעטיקן מיט חתונה האָבן. א, ביזן
גרויען צאָפּ אַרײַן. אויך אַקוזוו. „זי איז
איבערגעזעסן אַלע חבֿרטעס וואָס האָבן שוין
לאַנג חתונה געהאַט“, רייד. מיט ז י ך.
־עכ□ן. ־עניש.
איבערזיץ־קינד — דאָס, ־ער.
איבערזעץקינד.
איבערזליאָקען (זיך) — ←
איבערזשליאָקען (זיך).
איבערזע — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון איבערזען.
איבערזעאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערזען. השגחה. קאָנטראָל.
אַ גרינטלעכע א'. אַ צו אײַליקע א'.
איבערזעגלען — אוטוו. ־גל איבער, ~

געזעגלט. אַריבערפֿאָרן אויף אַ זעגלשיף. א,
איבער אַלע זיבן ימען.
איבערזעגלען — טרוו. ־גל איבער, ~
געזעגלט. איבערזעגן מיט אַ קליין זעגעלע. א,
דינע לײַסטעלעך אויף אַ רעמל.

935

איבערזעגן — טרוו. זעג איבער, ~געזעגט
(אויך: ~געזעגן). 1. דורכזעגן, פֿונאַנדערזעגן
אויף צוויי אָדער מער טיילן. א, אַ בוים.
א אַ קלעצל אויף עטלעכע טיילן. „ער מעג

,

נעמען אַ זעג...ער זאָל א, קעז“, תּקוני שבת,
אוסטרהא 1818. 2. זעגן נאָכאַמאָל, אויף
אַן אַנדער אופֿן. „עס איז אַוועק קרום. מע
דאַרף א'“. 3. זעגן אַ סך, צו פֿיל. א אַ

,

הויף געהילץ. אויך מיט זי ך. ־עכ□ן.
־עניש. ־ער.
איבערזעט — די. מצ נב. זעט, זאַטיקייט אין
אַן איבערמאָס. „די א, שפּאַרט פֿון די רויטע
באַקן און דעם באַלעבעסלדיקן בײַכל“, רייד.
איבערזעטיק — אַדי. דזוו איבערזאַט. דאָס

א'ע לאַנד. ־יקייט — „אַמעריקע לײַדט
פֿון א'„, ש. מאַרגאָשעס פֿאַראַן פֿריצײַטיקע
„ ▯
א, מיט לעבנס־תּענוגים“, היימיש, שבֿט־אָדר
תּשכ„א.
איבערזע'טיקט — אַדי. נר. ← אי'
בערגעזעטיקט. זאַט איבער דער מאָס. „איינמאָל בײַז
און א', האָב איך געזוכט אַ ציל, אַ ראַט“,
סעג, 'רעגינאַ'. „די א'ע בעלי־גופֿים„, טמז,
3 ▯5▯19 .III
איבערזעטיקן — טרוו. ־טיק איבער, ~
געזעטיקט. 1. געבן צו פֿיל צו עסן, צו טרינקען.
איבערקאָרמען. איבערפֿיטערן. א, די געסט אין
פּענסיאָנאַט. אויך פֿיג. א, מיט פּראָפּאַגאַנדע.
2. געבן צו פֿיל פֿאַרגעניגנס, תּענוגים אין
לעבן. א, דעם בן־יחיד מיט איבעריקן לוקסוס.
3. אַרײַנגעבן צו פֿיל שטאָף אין אַ צווייטער
סובסטאַנץ וואָס קען מער ניט אַרײַננעמען אין
זיך, קען ניט צעלאָזן. א, וואַסער מיט זאַלץ
(צוקער). ־ונג.
איבערזעטיקן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.
זיך צו פֿיל אָנעסן און ווערן איבערזאַט. 2.
געניסן פֿון צו פֿיל פֿאַרגעניגנס. 3. זיך פֿילן
צו שטאַרק אָנגעזעטיקט מיט עמעצן אָדער עפּעס

און ניט וועלן מער; באַקומען צו עפּעס אָדער
צו עמעצן אַ ווידערווילן, מחמת דעם וואָס מע
האָט עס צו פֿיל, צו אָפֿט. „מאַך טײַער דײַנע
פֿיס פֿון דײַן גוט־פֿרײַנדס הויז. ער האָט אַ
ברירה מיט דיר זיך א, און דיך ממאס זײַן„,
מס, משלי תּקע"ד, כה, 17. „עס איז בעסער
אַז דער עולם זאָל בלײַבן דורשטיק צו
וויסנשאַפֿט איידער ער זאָל זיך א'", איש יהודי
[לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער, פּעטערבורג 1900,
No 3. "אַן אינטעליגענץ וואָס האָט זיך
איבערגעזעטיקט מיט דעם אינטעלעקטואַליזם און
געזוכט אַ נײַע ליריק אין דער וועלט", קאָר I.
אי'בערזען — טרוו. זע איבער, זעען איבער;
~געזען. 1. אַרומכאַפּן מיטן בליק.
איבערבליקן. אַ גרויסער המון ניט איבערצוזען. „די
מענטשן־מענגע וואָס איז נאָכגעגאַנגען [דעם
אָרון] האָט מען מיט דעם אויג ניט געקענט
א'", קמ, 13 l865, No.
2. זען אַ סך, פֿאַרשיידנס. „וואָס ער האָט
שוין איבערגעזען אין זײַן לעבן!", רייד. „און
וואָס איך האָב דאָרט [אין רבינס הויף]...
איבערגעהערט און איבערגעזען...וועל איך...דאָ
אין קורצן באַשרײַבן", י"ל, פּוילישע יונגל,
אַדעס 1895.

איבערזען

3. איבּערקוקן אויבּנאויפֿיק; דורכלויפֿן מיט די אויגן. א, דעם אינהאַלט איינס און צוויי. א, רעקרוטן. א, די קראַנקע פֿון דער פּאַלאַטע. ,,ווען מן אום שבּת איין בּריבֿ בּרענגט...זאָל ער דען בּריבֿ ניט אַן רירן...נײַארט דער גוי זאָל אים נידר ליגן, דר נאָך טאָר ער אים אין דיא האַנד נעמען אונ, טאָר אין איבּר זעהן, אבּר ניט לייאנן“, לט1, ס/ב. 4. איבּערקוקן גרינטלעך. א, צי אַלץ אויף דער בּינע איז ריכטיק אַוועקגעשטעלט. א, די מאַטריצן פֿאַרן דרוקן.

5. אַריבּערקוקן, זען הינטער (איבּע□) אַ מחיצה. זיך אויפֿהייבּן און א, וואָס עס טוט זיך הינטערן פּאַרקאַן. ,,ווען דוא גלײַך מיינשׂט אַז דער יצר־טובֿ איז בּײַא דיר אַז איין בּ[אַ]רג, דען מן ניט קאַן איבּר זעהן“, עיון, ל/ב.

6. איבּערקאָנטראָלירן, נאָכקאָנטראָלירן. א, די חשבּונות. ,,דער מלך בּיפֿעלט אים, ער זאָל דז געלט רעכט איבּר זעהן אונ, רעכט צילן,,,
□ה, מג/ג. ,,והרבּנים...דיא זאָלין אויף צייכנן וואז איטליכר גיבּט וגבּאי צדקה זולן דען

צעטיל איבר זעהן“, תקק. „ער זאָל...אַלי דיא אַקטי של משפט...מתחילה ועד סוף איבר זעהן„, 'כ„י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. „גאָט זעט איבער די ביכער וואָס זיי דערציילן די פֿאַרבאָרגענע עבֿירות“, מחזור לראש השנה, סלאַוויטע 1832. „איך זע איבער מײַן סטאַדע, צי איז ריכטיק די צאָל, צי פֿעלט ניט חלילה אַ שטיק“, ה. קליבאַנאָוו, קול חדש, ווילנע 1910. 7. געבן אַכטונג, האָבן השגחה. אויפֿפּאַסן. א, די אַרבעט. „אויך טאָר מען ניט גיין אין אַ גאַרבערהויז א, די פֿעל„, תקוני שבת, אוסטרהא 1818.

8. בודק זײַן; נאָכזען צי אַלץ איז על־פּי דין, צי עס איז כשר. א, דעם ח ל ף, דורכפּרוּוון די שאַרף מיטן נאָגל, צי עס זײַנען ניטאָ קיין פּגימות. א, די מ ז ו ז ו ת, צי זיי זײַנען ניט פּסול. „באַלד פֿלעגט אַרויס דער דיין מיט דעם סופֿר, מע פֿלעגט א, מזוזות, מע פֿלעגט גיין פֿון שטוב צו שטוב„, קמ, 20 No ,1869. „אַז עס שטאַרבט בײַ אַ נגיד אַ קינד...ס'איז ניט שטיל אין שטאָט, ס'איז חטאָים. מע הייסט באַלד א, אַלע מזוזות“, ד. גילדענבלאַטט, בײַ'ן □tטן אין האַנד, ווילנע 1895. „וואָס האָסטו אַזוי געשריִען פֿון

שלאָף?...מאָרגן אינדערפֿרי דאַרף מען א, די מזוזות און אַוועקטראָגן אין קלויז ליכט,,,
מ, בּ, ר, ד [מ. כּ״ץ], דער קאַראַבּעלניקל, ווילנע 1900. א, די צ י צ ו ת. ,,יעדן טאָג אינדערפֿרי מוז מען א, די ציצות אויב זיי זײַנען כשר״, חא, ז/ב. ,,יעדער מינוט האָט ער איבּערגעזען זײַנע ציצות אויב עס איז ח״ו ניטאָ עפּעס אַ פֿעלער אין זיי״, ל. יאָסעלאָוויץ, ר, עזריאל..., ווילנע 1892. א, די תּ פֿ י ל י ן. ,,וועט דער רבּי זאָל לעבּן הייסן אים די תּפֿילין א, און זיי וועלן אַוודאי פּסולדיק זײַן,,, יפּ. ,,דאַרף יעדער צו זײַן נזהר אַז די תּפֿילין זאָלן זײַן כּתיקונן און צו קויפֿן תּפֿילין בײַ אַן ערלעכן מאַן, ווען ניט לכלהפּחות מוז מען זיי לאָזן א, אַן ערלעכן סופֿר,,, דדך אדם, וואַרשע 1860.
,,דינע קאָלדרעס און גראָבּע מײַטקעס און

איבּערזען

שיך פֿון גראָבּע וואָל טאָר ער זיי ניט אָנטאָן, בּיז ער זאָל זיי א, (טאָמער איז דאָ פֿלאַקס),,, זרעים, מט/ב פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט מוז מען
. ,,

א, די קליידער, אויב עס שטעקט ניט אין זיי
קיין נאָדל און אויב עס ליגט ניט אין די
קעשענעס געלט,,, חא, נה/א. אַרויסנעמען די
ל ו נ ג און א', צי איז ניט פֿאַראַן קיין סרכא.
,,דײַן באָבען האָט מען דאָך...געגלייבט א,
קרויט, אָבער פֿלייש גאָר לא...וואָלט מען אויף
איר שוין ניט אײַנגעשטעלט“, אמ“ש [
אָסטראָווסק□], ד□ר מאַטקעראַדין באַל, וואַרשע 1884.
,,דשׂ בּוכלן...לושן אובּר זיהן איין ורומן רבֿ
אונ קושׂטליכי רבּיצין,,, מצות הנשים ורויאן
בּויכלן, ווינידיג שי,,ב.
9. מגיה זײַן. א, אַ ספֿר־תּורה. ()10.
נאָכאַמאָל איבּערקוקן. א, די קאָרעקטור.
11. איבּערגיין וואָס מע (האָט גע)לערנט.
איבּערחזרן אויף דער גיך. א, די לעצטע סוגיא.
א, די סדרה פֿון דער וואָך. ,,אי [= איידער]
דוא טושט צו דײַן רבּין גיאן, זאָלשׂטו דײַן
לערנין איבּר זעהן אַז זאָלשׂט רעכט פֿר שטיאן,,,
□..ון, י/א. ,,לבֿד דעם האָט ער נאָך געדאַרפֿט
א, די קריאה, דען ער וואַר אַ קורא אין אַ
פּאָר קלײַזלעך“, אמד, שעפֿקע דער יאַנציצער
אָרעם בּחור, ווילנע 1872.
12. בּאַטראַכטן און בּאַשטימען. ,,ותּיכּף
אחר מנוי ראשים וטובֿים...זאָלן כל הקהל מנויים

הנ״ל איבּר זעהן אויף צו זעצין אודר אָפּ
צו זעצין כּפּי אֲשר יראה בּעיניהם״, תּקק.
אויך מיט ז י ך — ,,איך האָבּ מיך קאַרג
איבּערגעזעצן מיט די אַפּיקורסישע רבּנים
דאָרסן אין יענעם ווינקל?״, קמ, 1870, No 19.
־זעעכץ.
איבּערזע'ן — טרוו. איבּערזע', ~זע'ן. אַרכ.
איצט נר. 1 פּאַרזען, ניט בּאַמערקן. ,,דיזע
.
נאמן זינט איבּר זעהן וואורדן בּײַ דעם ליטער
למד,,, אבֿ, ש מות דבֿרים, איזנע 1542. ,,צוא
לייאן דז בּוך בּכּוונה אונ, ניט איבּר זיהן
איין קמץ״, 'מדרש ויושע', 16. י״ה [ייִבֿל XI־II].
,,טאָז...וועט זיכער נישט א, די נײַע וויכטיקע
פּראָבּלעמען,,, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929.
,,ער איבּערזעט נישט דאָס קלענסטע
קנייטשעלע, דאָס דינסטע שטריכעלע אין אַ מענטשלעך
פּנים״, י. פּאַנער, היימיש, תּשרי תּשכ,,ג.
2 פּאַרקוקן. בּ כּ י ו ו ן ניט לייגן קיין
.
אַכט. מאַכן זיך כּלא־ידע. ,,...האבּין זי עז
איבּר זעהן עד יום של אחריו,,, ,כּ״י וועגן
מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. ,,אונ, דערינט
וועגין אים פֿיל מוטווילין אונ, ניקש

ווירדיקייט איבּר זעהן, דאַר הער פֿיל בּיזיש פֿון גיקומין“, גה, 279.
3. ניט לייגן קיין אַכט. איגנאָרירן. „וואָס פֿאַר אַ גרויסער שׂכר איז דער דאָ קיין צענקער איז און קאָן איבּערהערן און א'“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. 4. שענקען, מוחל זײַן. „ער שלוג מיך געשטרט, איך מושׂט אַנטרינן, דש וויל איך אים הוייט ניט אובּר זעהן„, בּבֿא־בּוך, 205. 5. ניט לייגן קיין כּבֿוד אויף עמעצן. זיך ניט רעכענען מיט עמעצן. „איין גרושׂה שטאַט וויא פֿיל לומדים זיינו גווען...וואש דר טוט אסורן איז

936

דר אַנדרר מתּיר...אונ טונין זיך קיינער דען אַנדרן נישט איבּר זעהן“, משה אײַזענשטאַט, דרך הישר לאבֿן בּוחן, 1746. 6. דזוו אי'־בּערזען, בּ7. „וויא שמואל [דער אַמורא] האָט גיזאגט: ווער עש איבּר זעהט זײַני גיטר אַלי טאָג דר גפֿינט איין גראָשן„, עח, יב/א.
איבּערזענדן — טרוו. זענד איבּער, ~ געזעד(ע)ט. דטשמ. נר. איבּערשיקן, טראַנספֿערירן.

א, פּאָסט, סחורות. ־ונג.
איבּערזעער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס זעט איבּער, קאָנטראָליאָר. רואה־חשבּון. אַדמיניסטראַטאָר. קאָרעקטאָר, בּעל־מגיה אאַזוו. דער א, פֿון כּתבֿ־יד.
אי'בּערזעץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אי'בּערזעצן. 2. דזוו איבּערזע'ץ. [די ווײַטערדיקע ציטאַטן זײַנען חל אויף בּיידע פֿאָרמען] „און בּעת ער איז געווען האָט מען געלייענט דעם רוסישן א'“, קמ, 1868, 17 No. „א, פֿון רוסיש אויף ייִדיש פֿון אַבֿרהם מאַליעוויטש איש אָשמינע„, איסטאָריע. „דער ייִדישער לערער...זאָל פֿאַרשטיין זייער גוט דעם תּנך מיט דעם ריינעם א, אין טײַץ“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887. „וויל מען בּײַ אונדז מאַכן שקאָלעס, וואו אונדזערע קינדער וועלן לערנען חומש מיט דעם א, און מיט משה פֿרעסערס בּיאור“, י. ל. בּינשטאַק, בּײַא ר, שלמה בּערלינער, לוואָוו 1896.
3. אַריבּערגאַנג, אַריבּערפֿיר. „אַזאַ קאָנסטאַנטע בּאַציאונג צווישן אַ חלום־עלעמענט און זײַן א, רופֿן מיר אָן סימבּאָלישע“, מוו איבּז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז.
איבּערזע'ץ — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון איבערזע'צן. איבערזע'צונג. דזוו אי־
בערזעץ ב2 (←). „די גאַנצע א־אינדוסטריע“,
 ייִט.
אי'בערזעצונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אי'בערזעצן. 2.
אַריבערפֿיר(ונג). איבערפֿלאַנצונג. „די א, פֿון
אַקטיווע אייערשטאָקן אין קערפּער פֿון אַ פֿרוי,,,
פֿגעז, ווילנע 3 .7 1938, No. דזוו איבערזע,־
צונג. גוטע, שלעכטע אאַזוו א'.
איבערזע'צונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערזע'צן. געטרײַע, ריכטיקע,
געראָטענע אאַזוו א'. ווערטערלעכע, אות־
באותיקע אָדער פֿרײַע א'. א'ס־אַרבעט. א־קונסט.
טעכניש אויסבעסערן די גלײַכצײַטיקע א, אויף
אַ צאָל שפּראַכן בײַ אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן.
„דוא ווערשׂט פֿילענדט האבּן דא איבר זעצונג
פֿון מײַן (ספֿר)“, שאַר. „זײַנע לירישע
אויסגוסן, זײַנע פּאָעטישע באַשרײַבונגען פֿאַרלירן
אָפֿט זייער פֿיל אין דער א'“, שנ, דערציילערס
און ראָמאניסטן II. „די פּראָדוקציע פֿון א'ען
פֿון פֿרעמדע שפּראַכן אין ישׂראל איז אַ
ברייט אַנטוויקלטע“, אפּא, טמז, 14 1965 I.
-
איבערזעץ־הדר — [...כיידער] דער (דאָס),

־ים [...כאַדאָרי □]. חדר, וואו אַלע טעקסטן וואָס
מע לערנט (דערעיקר חומש, אָבער אויך
עשׂרים־ואַרבע, אָנהייב גמרא) ווערן כּסדר און
סיסטעמאַטיש וואַרט בײַ (אין) וואָרט
איבערגעזעצט אויף ייִדיש [ויאמר — און ער האָט

איבערזעצן

געזאָגט, ה, — גאָט, אַל — צו, משה — משהן,
לאמר — אַזוי צו זאָגן...]. „דאָס א'־□ I, איז
געווען די צווייטע מדרגה נאָכן דרדקי־חדר...
אין לעצטן לערניאָר [פֿון דרדקי־חדר] האָט
מען אָנגעהויבן טײַטשן דעם חומש ווי אַ
צוגרייטונג צום א'־ח'. אין גמרא־חדר...האָבן
געלערנט ייִנגלעך וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט
אַן א'־ח'...אין א'־ח, איז יעדער וואָרט פֿון
אַ געוויסן פּסוק אָדער מאמר־חזל
איבערגעזעצט געוואָרן אויף ייִדיש...דער עלטער פֿון
די קינדער איז געווען בערך פֿון זיבן ביז
צען יאָר. דער קורס איז געווען אויסגעשטעלס
אויף דרײַ יאָר. באַזונדער פֿעאיקע קינדער
האָבן געלערנט אין א'־ח, בלויז צוויי יאָר.
אַנדערע קינדער פֿלעגן זיך פֿאַרהאַלטן דאָ אַפֿילו
אויפֿן פֿערטן יאָר„, יחיאל שטערן, ייִבל I

.X)()▯I▯

איבּערזע'צט — אַדי, פּאַר איבּערזע'צן ←. נר. דזוו איבּערגעזעצט. „איך וועל אים איַיו מעתּיק זיַין און וועל איַיך געבּן דעם געשריבּענעם מגלה טמירין, גאַנץ געטריַי א, אויף טיַיטש„, יפּ [אַזוי אין דער הקדמה, שפּעטער: איבּערגעזעצט ווערן]. „אַנדערע זאַכן פֿון קריסטלעכע דיַיטש, פֿראַנצויז א'“, ליאָנדאָר, ניַיער בּש, ווילנע 1844. „קענסטו קיין לשון־קודש, לייען א, אויף יִדיש־טיַיטש“, הרבֿ הילל ליכטנשטיין, [עמוד הידאה], קאַשוי 1866.

איבּערזעצלעך — אַדי. וואָס מע קען איבּערזעצן. א'ע ווערק. ־קייט.

איבּערזעץ־מלמד — [...מעלאַמע▯] דער, ־ים [מעלאַמדי▯]. מלמד פֿון אַן איבּערזעץ־חדר.

אי'בּערזעצן — טרוו. זעץ איבּער, ~געזעצט. 1. זעצן פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. א, די גרעסערע קינדער פֿון די ערשטע רייען אויף די לעצטע. „מע זאָל ניט א, אַ הון אויף [אַנדערע] אייער [ז▯] זאָל הינדלעך אויספֿירן„, ספֿר חסידים, אָרט? תּק“ז? 2. אַריבּערפֿירן פֿון איין ישובֿ (געגנט) אין אַן אַנדערן. א, פּויערים אויף אַ מער פֿרוכטיקן בּאָדן. א, די

קאָלאָניסטן אין ווײַטערע מקומות.

3. בײַטן עמעצנס פּאָזיציע, שטעל אָדער אַרבעט. א, אין אַ העכערן קלאַס. א, דעם געהילף פֿון שעף אויף פּשוטער אַרבעט. „אַ נײַער פּאַרוואַלטער פֿירט אײַן נײַע אָרדענונג...

גען, ער בײַט מענטשן, זעצט איבער מענטשן„, משה טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929.

4. אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה אַ צאָל. אַריבערפֿירן פֿון איין תּפֿיסה אין אַן אַנדערער. א, די וויכטיקסטע מלוכה־אָנפֿירערס. "מע האָט מיך איבערגעזעצט אין עטלעכע טורמעס", רייד.

5. איבערפֿלאַנצן. א, ביימער. א, בוריקעס פֿון איין בייט אויף אַ צווייטער. א אַ ניר.

,

„דער בעסטער בוים מוז פֿאַרדאַרט ווערן, ווען מע זעצט אים אַלעמאָל איבער פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן", דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897. „אַז דער בוים איז אַלט אַ יאָר, דאַרף מען אים א"", מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. „האָט פֿון אַ ריזיקער צאָל ליימענע בלומענטעפּלעך איבערגעזעצט פֿלאַנצן פֿון אוגערקעס אין די ספּעקטן", חג, 'די שבֿועה'.

6. בײַטן דעם אמתן (ערלעכן) פּרײַז אויף
אַ צו הויכן, אַן אומיושרדיקן. פֿאַרלאַנגען אַ
העכערן פּרײַז. א, די פּרײַזן פֿאַר חגא. „א,
די פּרײַז און גלאַט אַזוי צושטעלן צום חשבון
שפּילט בײַ דיר גאָר אַ קליינע ראָלע“, ויִפֿאָל,
28 l886, No. *א, עמעצן = אָפּנאַרן אין
פּרײַז. „דער סוחר פֿאַרזעצט די פּערל...נעמט
סחורה אויפֿגעזעצט און קומט אַהיים און קען
זיי ניט אָפּזעצן. ווײַל מע האָט אים
איבערגעזעצט, מוז ער אָנזעצן. הייסט דאָס געזעץ,
מע זאָל אים אײַנזעצן“, עט, שריפֿטן. „האָט
געהאַט רעקאָמענדאַציעס...אַז בײַ אים איז צו
פֿאַרקויפֿן שמוק אָנע געפֿאַר צו ווערן...
איבערגעזעצט„, אמד, איין הונד אַלס שדכן, ווילנע
.1878

7. (דרוקערײַ) זעצן פֿונדאָסנײַ. זעצן בעסער,
אַנדערש. א, מיט פּעטיט פֿאַראַן צו פֿיל
—
„ .
גרײַזן, מע דאַרף א, דעם גאַנצן טעקסט“, רייד.
„צוליב דעם וואָלט מען געמוזט אייניקע
זײַטלעך א, אויפֿסנײַ און מאַכן אויך נײַע

פלאַטן„, דר, ה. פֿראַנק, פֿאַש, 1949 III 18. „דאָס האָבּן מיר איבּערגעזעצט פֿון ווײַבּער־טײַטש אויף עבֿרי־טײַטש כּדי אַיעדער מענטש זאָל קענען פֿאַרשטיין וואָס דרינען שטייט“, רבּינו יונה, איבּז, ספֿר היראה, לבֿובֿ 1851.

8. אַנשטאָט איבּערזע'צן [כּדי אויסצומײַדן די פֿאָרעם וואָס קלינגט אָדער איז דטשמ]. „גוט, איך נעם אויף זיך געטרײַ אי'בּערצוזעצן דעם גאַנצן טעקסט„, רייד. „איר זעצט עס איבּער אין איין חודש צײַט“, רייד. „די פּסוקים פֿון תּנך...האָבּן מיר איבּערגעזעצט אויף עבֿריטײַטש“, נצ2.

מיט ז י ך, בּבּ 1־3, 5. „אויסגעשריבּן דעם גאַנצן מאַרשלוט...וויפֿל מאָל ער דאַרף זיך א'“, ג. ח. לעוונער, דער אמתער פֿעטער, ווילנע 1897. “ער זעצט זיך איבּער נאָענט לעבּן איר„, הר, ליים.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבּערזע'צן — טרוו. איבּערזע'ץ, ~(גע)זע'צט.

1. איבּערגעבּן, איבּערלייגן, אַריבּערטראָגן בּעלפּה אָדער בּכתבֿ פֿון איין שפּראַך אויף דער אַנדערער. א, אות־בּאות. א, פֿרײַ, איבּערגעבּנדיק בּלויז דעם אינהאַלט. אָפּטײַטשן,

פֿאַרטײַטשן. טאָלמעטשן. „א, פּאָעזיע קען נאָר אַ
פּאָעט“, רייד. „דען זעלביגן אלעזר כהן הגדול
האָט גישריבן...תּלמי מלך מצרים, אַלס ער
אים זאָל שיקן זקנים וועלכע אים איבר זאַצן
אודר פֿאַר טאָלמיטשין דיא תּורה פֿון לשון
הקודש אויף יונית אודר גריקיש„, אַלכּסנדר
סענדר עטהויזן, בית י□דאל ובֿית הבּחירה,
אַמשט 1724. „דשׂ הולענדש איז אבּ
זונדערליך: דרום איז עשׂ שווער צו איבּר זעצין“,
יוטף מאַדשן, שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט
תּע“א [ייִבּל XIII, 5 ־□]. „האָבּן מיר געקענט
אונדזערע תּפֿילות פֿיל שענער און בּעסער א,
אין אים [= אין 'זאַרגאָן']...דער זאַרגאָן האָט
אויך וואָס שיינעס אין זיך“, אמד, דער שבֿעים
מאָלציַיט, ווילנע 1877. „פּרוּווט ער דעם
זשאַרגאָן געמיינעם א, אין געדאַנקען אין
העבּרעאיש אין אַ ריינעם„, אַל I, 'דער שׂפֿה־בּרורהניק'.

2. אויסדריקן אין ווערטער. אויסטײַטשן.
„מ'קאָן נישט א, אַ ייִדישן קרעכץ; מ'קאָן
נישט א, [אויך בּ1] ייִדישע תּלמיד־חכמדיקייט„,

צײַט, טמז, 29 ׳ 1962 I. „[דער קאָמפּאָזיטאָר]
רעדט צו אונדז מיט אַ שפּראַך וואָס קען ניט
איבּערזעצט ווערן אין ווערטער“, י.
ראַבּינאָוויטש, קענאָ, 9 ׳ 1963 III.
3. קאָפּירן, איבּערשרײַבּן. מלל פֿאַרטײַטשט
,אַשר העתּיקו אַנשי חזקיה, (משלי, כה, 1):
„איבּר זעטצט“ [תּי: „איבּערגעשריבּן„]. ־עכץ.
־עניש.
איבּערזעצעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
איבּערזעצן. איבּערזעצלעך. „איז שלום־עליכם
פֿונדעסטוועגן אין לעצטן סך־הכּל ניט ׳א, —
פּונקט ווי ייִדיש אַליין“, צײַט, טמז, 13 1958 I.
־יקייט.
איבּערזעצער — דער, ־ס. ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס זעצט איבּער. ווער עס פֿאַרנעמט זיך
מיט איבּערזע'צן. געריכט־א'. מיליטערישער א'.
נײַס־א'. „עס איז צו בּאַוואונדערן דעם
פֿאַרפֿאַסער וואָס ער דערמאָנט ניט...ווער איך, [דער
א', דאָ אײַך מיטטיילן“, אמד, דער
פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. “צוליבּ דער
אומקאָמפּעטענץ פֿון דעם א'־קאָמפּילאַטאָר...“, ש. נאָבּל,
חומש־טײַטש. „איבּערגעהיפּט אָדער
איבּערגעזאָגט מיט דעם א'ס אייגענע ווערטער“, שנ,

שלום אַש. ־עריַ.
איבּערזעצעריש — אַדי. וואָס קער זיך אָן
מיט איבּערזעצן אָדער מיט איבּערזעצער.
פֿאַרמאָגן אַ גוטע (שלעכטע) א'ע טעכניק. ־קייט
— ,,קען זיַין אַז אַפֿילו אין אָריגינאַל זיַינען
שוין דאָ בּיַי אים סימנים פֿון א', פֿון ניט־
אורשפּרינגלעכקייט", שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער II.
איבּערזעץ־קינר — דאָס, ־ער. קינד וואָס
לערנט זיך אין אַן איבּערזעץ־חדר.
איבּערזשאַווערן — ־ער איבּער, ~
געזשאַווערט. אוטוו — ווערן אינגאַנצן בּאַדעקט מיט
(אָדער דורכגענומען, איבּערגעגעסן פֿון)
זשאַווער. די קאָסע וועט א', אויב מע לאָזט זי
ליגן אויפֿן נאַסן פֿעלד. טרוו — מאַכן
אינגאַנצן זשאַווערדיק. א, די קאָסעס, די זעגן. ,,ער
וואַרפֿט זיך...ווי אַ פֿיש אין וואַסער...בּיז די
לעצטע כּוחות, נאָר איַיזן ווערט אויך
איבּערגעזשאַווערט", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
איבּערזשאַלעווען — טרוו. ־לעווע איבּער,
~געזשאַלעוועט. זשאַלעווען, כּסדר אָדער
בּנוגע אַ צאָל זאַכן צי מענטשן. א, אַלע בּני־בּית
[דאַטיוו] דעם בּיסן פֿון מויל. א, יעדן גראָשן
וואָס מע מוז אויסגעבּן. אויך מיט ז י ך.

איבערזשאַרען — טרוו. ־רע איבער, ~
גערזשאַרעט. סל. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש זשאַרען,
בראַטן, דורכברענען. א, דאָס ניט־דערבראָטענע
פֿלייש. א, די קערלעך. 2. זשאַרען צו פֿיל,
מער ווי מע דאַרף. א, און פֿאַרברענען דאָס
פֿלייש. אויך מיט ז י ך.
איבערזשוזשען — ־זשע איבער, ~
געזשוזשעט. אוטוו — נאָכאַמאָל זשוזשען. אַ סך
מאָל אָדער צו פֿיל זשוזשען. א, ווי זלידנע

איבערהושכן

פֿליגן. טרוו — איבערזאָגן עפּעס זשוזשענדיק.
א, די זעלביקע עטלעכע ווערטער.
איבערזשוליקן — ־ליק איבער, ~געזשוליקט.
אוטוו — זשוליקן ווידער, נאָכאַמאָל אָדער אַ
סך מאָל, צו פֿיל. „וואָס ער האָט
איבערגעזשוליקט, ביז ער איז אַרײַנגעפֿאַלן און מע האָט
אים אײַנגעזעצט“, רייד. טרוו —
איבערכיטרעווען עמעצן מיט אַ זשוליקערײַ, אַ
פֿאַלשקייט.
א, אין קאָרטנשפּיל אַ פּראָפֿעסיאָנעלן
קאַרטיאָזשניק. ־ערײַ.
איבערזשיפּען — ־פּע איבער, ~געזשיפּעט.

אוטווּ אַ לענגערע צײַט זשיפּען, אָטעמען

שווער, (אַזוי ווי) מיט די לעצטע כּוחות. א,
אַ גאַנצע נאַכט. אַקוזוו — אי'בערלעבן מיט
גרויסע שוועריקייטן. איבערקומען. א, אין דעם
קרעמל אַ היפּש ביסל יאָרן. „אָט דער
האַלבגעליימטער האָט איבערגעזשיפּעט די געזונטע
ברידער“, רייד.
איבערזשירירן — טרוו. ־ריר איבער, ~
זשירירט. געבן אַ זשירע אויף אַ זשירע. „ווען
מע קומט מיט אַזאַ זשיראַנט, דאַרפֿט איר
געפֿינען עמעצן וואָס זאָל א, אײַער וועקסל“.
איבערזשל(י)אָקען — טרוו. ־קע איבער,
~געזשל(י)אָקעט. 1. זשל(י)אָקען, זויפֿן אַ סך,
צו פֿיל אָדער פֿאַרשיידנס. א, פֿון אַלע מיני
משקאות. מיט ז י ך — זיך א, און אַוועקפֿאַלן
אַ האַלב־טויטער.

□

איבערהברן זיך — [...כאַווערן] אוטוו. חבֿר
זיך איבער, זיך ~געחבֿרט. זײַן אַ חבֿר. פֿירן
אַ פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַ סך אָדער מיט
פֿאַרשיידענע. א, זיך מיט אַלעמען, פֿון גרויס

ביז קליין.

איבערהוזקן — [...כויזעקן] אוטוו. חוזק איבער, ~געחוזקט. 1. טרײַבן חוזק, אָפּשפּאָטן אַ לענגערע צײַט פֿון אַ סך. א, פֿון פֿרעמדע און באַקאַנטע. 2. צו פֿיל חוזק מאַכן. א, פֿון עמעצן און אײַנקויפֿן זיך אַ שׂונא. מיט ז י ך — קזוו. א, זיך און בלײַבן פֿרײַנד ווי געווען.

-

איבערהונסן — [...כוינעפֿן] טרוו. חונף איבער, ~געחונפֿט. 1. דזוו איבערחנפֿענען (←). 2. חנפֿענען מער, בולטער ווי אַן אַנדערער. „מיט זײַן גלאַט צינגעלע קען ער א, אַפֿילו...“, רייד.

איבערהושים — דער, ־ס(?). 1. זייער אַ צעחושטער; צעפֿלויגענער. אייגנאַרטיקער, , טשודאַק'. אַ פּראָפֿעסאָר אַן א'. 2. אַ שטאַרק פֿאַרחלומטער. „אַן א', ער ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט ער איז“.

איבערהושימדיק — אַדי. 1. זייער עמאָציאָנעל, זייער פֿײַנפֿיליק; היפּערסענסיטיוו. „איך וויל ניט ניצן קיין קאָמפּליצירטע א'ע באַצייכענונגען“, הל, טאָג, 2 .4 1957 I. וואָס איז

איבער די חושים, קען ניט אויפֿגענומען ווערן מיט די חושים. די גײַסטיקע, די א'ע וועלט.
־יקייט.

איבערהושכן — [...כוישעכן] אַקוזוו. חוֹשך איבער, ~געחוֹשכט. 1. אָפּפֿינצטערן, דורכלעבן אין צרות. א, דאָס לעבן בײַ פֿרעמדע טישן. 2. חושכן און אויפֿהערן. א, און אָנהייבן אַ גרינג לעבן.

איבערהזרדיק

איבערהזרדיק — [...כאַזער...] אַדי. וואָס מע קען איבערחזרן. וואָס חזרט זיך איבער. א'ע סיטואַציעס, דערשײַנונגען ־יקייט — „א',
.
צוזאַמענשײַכותדיקייט אָדער די סיבה־אָפּהענגונג פֿון די דערשײַנונגען“, ברידער גאָרדין, די טריאומפֿעדיע, ווילנע 1914.

איבערהזרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערחזרן (זיך). תּי פֿאַרטײַטשט 'את משנה התּורה הזאת, (דבֿרים, יז, 18): „אַן א, פֿון דער דאָזיקער תּורה„.. „קומט עס צו כּסדרדיקער א, און פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס“, א. אַלמי, פֿאַש, 1957 IX 14.

איבּערהזרן — [...כאַ'זערן] טרוו. חזר איבּער, ~געחזרט. 1. איבּערלערנען, לערנען דאָס זעלבּיקע נאָכאַמאָל אָדער אַ סך מאָל. "ס'איז ניט גלײַך דער וואָס חזרט איבּער זײַן פּרק (בײַם לערנען) הונדערט מאָל צו דעם וואָס חזרט איבּער הונדערט און איין מאָל", איבּז, חגיגה, ט/ב. „דײַן לערנין זולשׂטו שטעץ אום טאָרנין, איבּר חזרן", עיון, ו/א. א, די נעכטיקע לעקציע. א, דעם גאַנצן קורס פֿאַר אַן עקזאַמען.
2. רעזומירן, מאַכן אַ קורצן סך־הכּל פֿון דעם וואָס מע האָט געלערנט, געזאָגט אע. „צום סוף וויל איך א, אַלדאָס געזאָגטע גאָר קורץ, אין דרײַ פּונקטן", רייד. „אלול און אָדר הייסן צוויי כלה־חדשים...אין וועלכע דאָס לערנען פֿון די פֿינף פֿאַרגאַנגענע חדשים האָט זיך געענדיקט און מע האָט אָנגעהויבּן... איבּערצוחזרן", שמואל רעססער, רבּה..., וואַרשע 1876.
3 טאָן עפּעס נאָכאַמאָל. א, דעם זעלבּיקן גרײַז. א, די זעלבּיקע טובֿה. *א, (די סדרה לך־לך = א) וויוער וואַנדערן; בּ) ווידער פֿאַרטריבּן ווערן, צווינגען צו וואַנדערן. „אַזוי ציט זיך עס אין צרות און יסורים, בּיז טיטוס הרשע חזרט מיט זיי גוט איבּער לך־לך„, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. 4. טאָן כּסדר דאָס

זעלבֿיקע. א, די זעלבֿיקע צערעמאָניע. „דורך
פֿילפֿאַכע זינד קען ווערן אַ פּגם...און אַפֿילו
דורך א, איין חטא גאָר אַ סך מאָל“, תּניא,
194. „דער באַהעלפֿער...פֿלעגט מיט אונדז חזרן
...און פֿלעגט דערבײַ א, אויך די קלעפּ, די
שמיץ, די קניפּ“, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט,
ווילנע 1878. „חזר איבֿער — איז טריפֿה„,,
פֿוול [ווש מיט חזיר, חל אויך אויף בבֿ 5־]
= ס'טויג ניט אַז מע חזרט איבֿער.
5. זאָגן (שרײַבן) נאָכאַמאָל אָדער עטלעכע
מאָל דאָס זעלבֿיקע. „וויפֿל מאָל דאַרפֿסטו א,?
כ'האָבֿ שוין געהערט“, רייד. „צום סוף פֿון
בֿריוו חזר איך איבֿער...„, פּבֿ. „דאָס האָט
מיר געאַרט. איך האָבֿ איר נאָכאַמאָל
איבֿערגעחזרט מײַנע פֿריִערדיקע ווערטער“, ממוס,
קליאַטשע. „דאָס דײַטשל האָט אים ניט
אָפּגעלאָזט און אים איבֿערגעחזרט די ווערטער
דרײַ מאָל„, פּרץ, 'זיבֿן גוטע יאָר'. [ווען מע
דאַוונט בֿיחידות טאָר מען ניט א, די
שמונהעשׂרה] 6. זאָגן דאָס זעלבֿיקע אַ סך מאָל,
כּסדר איבֿערזאָגן, איבֿערדערציילן. “די אַלטע
נאַרישע מעשׂיות, וועלכע די נ אַנקעס און אַלטע
י
באָבֿעס חזרן זיי איבֿער הונדערט מאָל אַ טאָג“,

ממוס, מסעות. „באַהיט זאָל מען ווערן פֿון
הערן כּסדר א, דאָס אייגענע“, רייד.

938

7. איבערזאָגן אַ ביסל אַנדערש, אין אַן
אַנדער פֿאָרעם, אויף אַן אַנדער לשון (אָבער
דער תּוך בלייַבט דער זעלביקער). א, און
איבערקײַען דעם אָנגענומענעם אמת. „
דערנאָך האָט משה רבינו ע“ה אין משנה־תּורה
איבערגעחזרט גאָר די תּורה און מצוות“,
חה, יד. „דער מלך פֿאַרשטייט ניט אַזוי גוט
אויף ייִדיש, מוזט איר ווידעראַמאָל א, און
מתוודה זײַן אויף וואָלעכיש“, נסים ונפֿלאות,
אָרט? יאָר? „איך ליג אויפֿן בעט און האָב
הנאה פֿון מײַן דרשה...איך חזר זי אַלעמאָל
איבער. דאָ שטעל איך אַרײַן אַ צאַצקע, דאָרט
מאַך איך אַ נײַעם קנייטש“, ממוס, בישיבֿה
של מטה'.

8. איבערדערציילן; אויסדערציילן, מגלה סוד
זײַן. „חזר פֿאַר קיינעם ניט איבער וואָס דו
האָסט דאָ געהערט!“, רייד. „גיי נאָר גיי, איז
וועל שוין פֿאַר קיינעם נישט א'„, עט,
סערקעלע. „האָט דער יצר־הרע ערשט באַקומען

נאָך מער כּוח און האָט גענומען א, דעם גאַנצן שמועס", ממוס, 'בּישיבָה של מטה'.

9. אַרויסהייבּן, בּאַטאָנען, מטעים זײַן. איך חזר איבּער אַז... „אַ קלוגער בּאַדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך בּאַנוצן. פֿאַרשטייסטו? וויל איך עס דיר א'", ממוס, קליינמענטשעלע. „האָט זי...איבּערגעחזרט: מע קען זיך דאָ אוסטראָיען", בּערג, אין אַ פֿאַרגרעבּטער שטאַט.

1O. רעפּעטירן, אײַנ(גע)ניטן זיך. א, די איוווערטורע. א, שווערע גימנאַסטיק. "סענדערל פֿלעגט אָפּט פֿאַר זיך אַליין א, דעם מושטיר", ממוס, מסעות.

מיט ז י ך — פֿון זיך, ממילא. לעבּן־סיטואַציעס וואָס חזרן זיך איבּער. "עס איז אין תּוך אַרײַן אַ לאַנגע אַלטע מעשׂה וואָס חזרט זיך תּמיד איבּער אויפֿדאָסנײַ אונטער פֿאַרשיידענע פֿאָרמען", ממוס, 'די אַלטע מעשׂה, ־ניש.

.

~הזרײַ. ־ער.

איבּערהזרעוודיק — אַדי. וואָס מע קען איבּערחזרן. א'ע טואונגען. קלוגע א'ע רייד.

איבּערהיבּורן — [...כי'בּערן] טרוו. חיבּור איבּער, ~געחיבּורט. דורכפֿירן נאָכאַמאָל דעם אַריטמעטישן אַקט חיבּור. ווידער

צונויפֿרעכענען (בײַטעם פֿון ביטול, אָנווײַז אַז ס'איז
דאָ אַ טעות). „גרויסער בעל־חשבון מײַנער,
חיבור אַקאָרשט איבער„, רייד.
איבערהידושן — נ...כי'דעשן] טרוו. חידוש
איבער, ~געהידושט. 1. (ווידער)
פֿאַרוואונדערן פֿאַרהידושן עמעצן. א, דעם עולם מיט
,
אַלץ נײַע המצאָות. א, מיט גרויסע אויפֿטועך.
2. (שפּאַסיק) איבערשטײַגן עמעצן מיט אַ
חידוש, מיט חידושים. א, דעם גרויסן
בעלמחדש. מיט ז י ך — 1. שטאַרק זיך חידושן,
זיך וואונדערן. א, זיך פֿון אַ קינדס אַ חכמה.
2. אויפֿהערן זיך חידושן. מע חידושט זיך
ניט מער, מע האָט זיך שוין איבערגעהידושט.
איבערהילופֿן — [...כי'לעפֿן] טרוו. חילוף
איבער, ~געהילופּט. 1. איבערבײַטן (סחורה,
עפּעס וואָס מע האָט געקויפֿט). א, אין קראָם
די מתּנה אויף עפּעס ניצלעכס. 2. בײַטן
נאָכאַמאָל, עטלעכע מאָל. א, וואַלוטע אַהין און

איבערהנדלען

אַהער און בלײַבן מיט אַ נישקשהדיק
פֿאַרדינסטל. מיט ז י ך — זיך אָפּנאַרן בײַם

איבערחילופֿן. „ער האָט געביטן, שפּעקולירט, געדרייט און זיך איבערגעחילופֿט„, רייד.

איבערהיסורן — [...כי'סערן] טרוו. חיסור איבער, ~געחיסורט. דורכפֿירן נאָכאַמאָל דעם אַריטמעטישן אַקט חיסור. נאָכאַמאָל אַראָפּנעמען, אַראָפּרעכענען פֿרגל איבערחיבורן.

.

איבערהכם — [...כאָכע▯] דער, ־ים [...כאַכאָמים]. דזוו אייבערחכם. איר. צו גרויסער חכם. אַ חכם פֿון מה־נשתּנה, אַן א, ־דיק — אַדי.

.

איבערהכמהדיק — [...כאָכמע...] אַדי. צו קלוג, צו איבערגעשפּיצט. איר. ריידן א', אַזש נאַריש.

איבערהכמה(נע)ן — טרוו. חכמה איבער, ~געחכמהט. איבערקליגן, טאָן קליגער, געשיקטער אע. אָפּט איר. א, עמעצן. מיט ז י ך — 1. פּרוּוון איבערצוקליגן און דערבײַ זיך באַנאַרישן, זיך אָפּנאַרן. 2. חכמהן זיך און אויפֿהערן. א, זיך און אַנטשוויגן ווערן. 3. קזוו. זיך ווילצלען. שמועסן און זיך חכמהן דערבײַ. ~הכמען — [...כאָכעמען] בלויז איר. „פּס, האָסט מיך איבערגעחכמט“, רייד.

איבערהלומען — [...כאָלעמען] אַקוזוו. חלום

איבער, ~געחלומט. 1. האָבן אַ סך חלומות. „ער שלאָפֿט איַין און חלומט איבער אַ וועלט,„ פּרץ, 'קלאָץ־געשיכטן'. 2. האָבן דעם זעלביקן חלום נאָכאַמאָל. „היַינט האָב איך איבערגעחלומט דעם זעלביקן משוגענעם חלום“, רייד. געוויינלעך מיט ז י ך — „היַינט האָט זיך מיר איבערגעחלומט דער זעלבער חלום“.

איבערהלפֿנען — [...כאַ'לפֿענען] טרוו. חלפֿן איבער, ~געחלפֿנט. דזוו איבערחילופֿן, אָבער נאָר וועגן געלט אָדער ווערטזאַכן (ניט סתּם אַן אַרטיקל וואָס מע קויפֿט). א, דאָלאַרן אויף דער לאַנד־וואַלוטע.

איבערהלשן — [...כאַלעשן] אוטוו. חלש איבער, ~געחלשט. 1. חלשן עטלעכע מאָל. „ווען זי האָט דערהערט וועגן אומגליק, האָט זי געחלשט. האָט מען זי אָפּגעמינטערט, האָט זי איבערגעחלשט. איז מען געלאָפֿן נאָך אַ דאָקטער,„ רייד. 2. זייער שטאַרק באַגערן עפּעס, בענקען נאָך עפּעס. א, נאָך אַ קינד. א, נאָך טאַטע־מאַמע וואָס מע האָט שוין יאָרן ניט געזען. 3. אַרויסקומען פֿון צושטאַנד פֿון חלשות. א, און ביסלעכוויַיז קומען צו זיך. *לאָזן א, דאָס ה אַ ר ץ = ניט עסן ווען מע דאַרף און פֿילן אַ שוואַכקייט. „דו טאָרסט

ניט א, דאָס האַרץ, דער דאָקטער האָט דיר געהייסן נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן יעדע דרײַ שעה“, רייד. „האָסט ניט געגעסן בּיז איצט? וואַרטן אויף מיר פֿאַרלאַנג איך גאָרניט, דו זאָלסט דערווײַל דײַן האַרץ א'„, ש. בּ[יקסאָן], דער טאַנץ קלאַס, ווילנע 1898. *דאָס האַרץ האָט איבּערגעחלשט = געוואָלט שטאַרק עסן, אָבּער דער הונגער איז שוין אַ בּיסל פֿאַרבּײַ. אויך מיט ז י ך.

איבּערהנדלען — [...כיינדלען] אַקוזוו. חנדל איבּער, ~געחנדלט. אַרויסווײַזן מער חן, ליבּלעכקייט ווי אַן אַנדערע(ר). „מיט אירע

קאָאיבּערהנפֿע(נע)ן

קעטישע אויגן האָט זי אַלעמען איבּערגעחנדלט„, רייד. אויך מיט ז י ך — זיך שטאַרק חנדלען, איבּער דער מאָס.

איבּערהנפֿע(נע)ן — [...כאַ'נפֿע(נע)ן] טרוו. חנפֿע, חנפֿן איבּער, ~געחנפֿעט, ~געחנפֿנט. 1. חנפֿען אַ סך, אַ לענגערע צײַט, אַ צאָל. א, אַלע מאַכטהאָבּערס. 2. דורך חניפֿה אַריבּערציִען אויף אַ צד. א, צו זיך די דאַמען אין דער געזעלשאַפֿט. א, דעם פֿאַראיין, מע זאָל

שטימען פֿאַרן קאַנדידאַט ־עניש.

.

איבּערהקירהן — [...כקירען] חקירה איבּער, ~געחקירהט. אוטוו — צו פֿיל חקירהן. טרוו — 1. נאָכאַמאָל גוט בּאַקלערן, נאָכפֿאָרשן, אַנאַליזירן. 2. בּײַקומען עמעצן דורך חקירה. ער קען א, אַ מיניסטער. מיט ז י ו.

-

איבּערהריפֿן — [...כאַ'רעפֿן] חריף איבּער, ~געחריפֿט. איבּערשטײַגן אין חריפֿות, שאַרפֿן אַנאַליז. א, די חבֿרים בּײַ אַלע שווערע פּראָבּלעמען, ענינים, סוגיות אע.
איבּערהשבּונען — [...כעזשבּענען] טרוו. חשבּון איבּער, ~געחשבּונט. 1. איבּעררעכענען, מאַכן אַ חשבּון אויפֿדאָסנײַ. א, און זען צי עס האָט זיך ניט אַרײַנגעכאַפּט אַ טעות. 2. חשבּונען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. „היי, היי, ווי נעם איך דאָס געלט וואָס איך וואָלט געקענט א, מיט רינגעלעך, שטריכעלעך“, יאַ, שטערנטיכל. 3 פֿאַרלאַנגען צו פֿיל. א, א ו י ף

.

עטלעכע אַרטיקלען. א, דעם גאַסט פֿאַרן ווײַן

וואָס ער האָט ניט געטרונקען. מיט ז י ך —
1. קזוו. 2. מאַכן אַ טעות אין חשבון און
זיך אַליין אָפּנאַרן.
איבערהתמע(נע)ן — [...כאַסמען] טרוו. חתמע
איבער, ~געחתמעט. 1. אונטערשרײַבן, מאַכן
די אונטערשריפֿט אויפֿסנײַ. 2. חתמען אַ
צאָל אָדער ענדגילטיק. א, אַלע פּאַפּירן. 3.
איבערשטעמפּלען.
איבער טאָ'ג — אַדוו. אַרכ. במשך פֿון טאָג,
אין די שעהן פֿון טאָג. „אבֿר דער קליינר דער
איז אין חדר לערנן, זו עשׂט ער איבר טאָג
ניט, דאַרום האבֿ איך אים צווייא שטיק
געבֿן“, מהמ, קסח/ב.
איבערטאָגן — אוטוו. טאָג איבער, ~געטאָגט.
איבערזײַן אַ טאָג; בלײַבן אויף אַן אָרט ניט
לענגער ווי איין טאָג. א, אין אַ באַהעלטעניש
און קעגן אָוונט זיך לאָזן ווײַטער אין וועג
אַרײַן.
איבערטאַדלען — טרוו. ־דל איבער, ~
געטאַדלט. טאַדלען אַ סך, אַ צאָל, אַ לענגערע
צײַט. א, אַלע אונדזערע אויפֿטוען. א, די
באַקאַנטע, איינעם נאָכן צווייטן. ־עניש.
איבערטאָטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~
געטאָטשעט. סל. 1. איבערשלײַפֿן, איבערטאָקן.

א, די פּיסלעך פֿאַרן דעמבּענעם טיש. 2.
איבּערגריזשען. א, אַ צווײַגל. א, אַ לעדערנעם
אײַנבּונד. ־עניש.
א רטאַלאַנטירט — אַדי. פּפֿ: ~
טאַטירט. וואָס איז זייער טאַלאַנטירט. אַן
א'ער מאָלער, נאָר עפּעס גאָר אָן מזל. ־קייט.
איבּערטאַלאַפּ(ק)ען — אוטוו & טרוו. ־פּ(ק)ע
איבּער, ~(גע)טאַלאַפּ(ק)עט. אוקר.

איבּערטרע939

טן מיט שמוציקע פּיס אָדער שיך איבּער עפּעס.
א, (איבּער) די געוואַשענע דילן.
איבּערטאַלירן — טרוו. ־ליר איבּער, ~(גע)־
טאַלירט. נאָכאַמאָל איבּערמישן אַ טאַליע
קאַרטן. א, די קאָרטן, אַלץ זאָל זײַן ערלעך. ־ונג.
איבּערט
מאַטשעט. וורר. פּפֿ: ~
טלוסאַאלמאַטשען — טרוו. ־טשע איבּער,
~(גע)טאָ
טשען. איבּערטײַטשן. איבּערזעצן. (בּײַטעם:
ניט־געראָטן).
איבּערטאַלעבּענדען זיך — אוטוו. ־דע זיך
איבּער, זיך ~(גע)טאַלעבּענדעט. וורר. ווידער,

פֿונדאָסנײַ זיך אַרומשלעפּן, זיך אַרומדרייען
אָן אַ ציל אָדער אָן אַ רעזולטאַט. א, זיך
איבערן מאַרקפּלאַץ און קיין זאַך ניט (פֿאַר)־
קויפֿן.

~(גע)טאַלעפּטשעט. אויך: ~טאַלאַפּעטשען,
איבערטאַלעפּטשען — טרוו. ־טשע איבער,

~טאָלאָפּעטשען. איבערזאָגן עפּעס
אומקלאָר, פֿאַרדרייט. א, דאָס זעלביקע, מע זאָל
נאָך אַלץ ניט פֿאַרשטיין וואָס ער וויל.
איבערטאָלעראַנט — אַדי. וואָס איז
טאָלעראַנט איבער דער מאָס. א, צו די וואָס האָבן
ניט נאָר אַנדערע, נאָר ממש שעדלעכע
אײַנשטעלונגען.
~געטאָ לקעווען

ל עווע איבער,
— טרוו.
קעוועט. אויך: ~טאָ אָ'ווען. סל.
איבערט ־

1. געבן צו פֿאַרשטיין אויף אַ מער קלאָרן
אופֿן, מסביר זײַן נאָכאַמאָל. א, (עמעצן) אַ
שווערן ענין. 2. באַטראַכטן פֿונדאָסנײַ. א,

דעם סכסוך.

איבערטאָן — דער, ~טענער (~טאָנען).

1. צו הויכער טאָן. נעמען אַן א'. אָפּכאַפּן די א'טענער. אַ פֿאַלשער א'. 2. שלעכטער טאָן. שרײַאיקער טאָן. בײַטאָן. „די...מחלוקת האָט געפֿירט צו אַ ברודערקאַמף מיט...מיאוסע א' טענער", יג, טמז, 3 .27 ▯ 1965 III. צוגאָב־קלאַנג. עכאָ. אַסאָציאַציע וואָס בינדט זיך מיט אַ ספּעציעלן טאָן. "ס'איז באַלאָדן מיט עמאָציאָנעלע א'ען", ס. ליפּצין, ייִשפּ 1 ,II.

איבערטאָן — [דרומדיקע דד — לאַנגע י אין שטאַם] טרוו. טו איבער, טוען איבער, ~געטאָן. 1. טאָן נאָכאַמאָל, בעסער, אַנדערש. „דו זאָלסט עס א', ס'איז ניט גוט אַרויסגעקומען בײַם ערשטן מאָל טאָן". 2. טאָן פֿאַרשיידענע אַרבעטן. א, כּלערליי מלאָכות און בלײַבן אַ קבצן. א, אַלערליי מסחרים און לסוף זיך אַרויפֿאַרבעטן. „דאָס פֿערד וואָס טוט זײַן האַר אַזוי פֿיל איבער„, ממוס, שירה. "איך האָב שוין איבערגעטאָן כל עבֿודת־פּרך", שע, מע▯יות און פֿאַנטאַזיעס.

3. טאָן צו פֿיל, איבער דער מאָס, איבער די כּוחות. „בעסער א, איידער ניט דערטאָן", שוו. „אין וואָס זשע איז באַשטאַנען זײַן חטא?

וויַזט אויס, אַז אין דעם וועלן צו פֿיל טאָן,
אין דעם א, מער ווי מע דאַרף,,, דר, ה.
זיַדמאַן, טמז, 14 1961 ע I.

4. טאָן פֿאַרשיידנס צו דערגרייכן אַ באַשטימטן ציל. אָננעמען כלערליי מיטלען, אונטערנעמען פֿאַרשיידענע אַרבעטן. ,,כאָטשע זי האָט געזען אַז וואָס זי האָט איבערגעטאָן —

איבערטאָן זיך

העלפֿט נישט,,, יפֿ. ,,די אַלע מיטל וואָס ער האָט איבערגעטאָן צו האָבן כאָטש איין קינד, אַ קדיש, האָבן נישט געהאָלפֿן", ממוס, ווינטשפֿ. ,,מע האָט איבערגעטאָן אַלע סגולות און רפֿואות און ערשט אויפֿן אַכטן יאָר...[איז] שׂרה שוואַנגער געוואָרן,,, א. סאַפֿיר, דער קליינער קאַטערזניק, ווילנע תּרמ,,ג. ,,און וואָס האָבן ייִדן ניט איבערגעטאָן...ס'זאָל זיך די וויסטיקע מלחמה ענדיקן,,, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אָלקער, מאָסקווע 1927.

5. טאָן פֿאַרשיידגס בשתיקה; טאָן וואָס איז ניט גאַנץ כשר. ,,וואָס די בחורים טוען איבער אין קלויז אונטער דער הרובע און אויפֿן בוידעם...,,, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס

.1895
6. איבערבײַטן עמעצן זײַן הלבֿשה. א, די קינדער צום סדר. דאָס א, — קליידונג, דאָס וואָס מע טוט איבער. „מע דאַרף זי נאָר א', וועט זי שײַנען ווי אַ מלכּה„, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. אויך פֿיג. „בײַם לייענען טאָר זיך נישט פֿילן, אַז תּחילת אָנגעשריבֿן אויף איין שפּראַך איז דאָס ווערק דערנאָך איבערגעטאָן געוואָרן אין לבֿוש פֿון אַן אַנדערער“, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 6־7. 7. בײַטן אייגענע וועש אָדער קליידונג. א, דאָס אייבערהעמד יעדן צווייטן טאָג. א, וועש כאָטש איין מאָל אַ וואָך. *א, קלאָרע וועש = אויך: אָנהייבֿן אַלץ
פֿונדאָסנײַ; זיך נעמען צו אַ נײַ געשעפֿט. „וואָס געווען איז געווען. זאָל ער א, קלאָרע וועש, אויפֿגעבֿן דאָס שלעכטע געשעפֿט און בעסער זוכן אַ גוטע שטעל“, רייד. 8. אַריבערלייגן, איבערוואַרפֿן. א, דעם זאַק איבער דער פּלייצע.
איבערטאַנדעטעווען — טרוו. ־טעווע
איבער, ~(גע)טאַנדעטעוועט. 1. טאַנדעטעווען נאָכאַמאָל. „זײַן איבערמאַכן איז ניט מער ווי א'“. א אַ טאַנדעטנע פּיעסע. 2. אַרבעטן
טאַנ,
דעט, ניט־געראָטן, אַ לענגערע צײַט.

איבערטאָן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל. איבערבײַטן די מלבושים, זיך אָנטאָן אין אַנדערע קליידער. „נאָר הערשעלע אַליין האָט פֿאַרשפּאָרט זיך איבערצוטאָן, מער ווי דאָס קאַפּאָטקעלע אויפֿן לײַב האָט ער ניט געהאַט„, ממוס, ווינטשפֿ. „איך וועל זיך נאָר ווי עס איז א'. עס איז הײַנט שבת„, ספּ, סודות. „האָט זי זיך געהייסן דערלאַנגען קלאָרע וועש און געבעטן די ווײַבער אַז זיי זאָלן איר העלפֿן זיך א'„, ווײַס I, ,איינער אַ מענטש'. „מענטשן מיט עפּאָלעטן...האָט מען שוין איצט ניט געזען, אַלע האָבן זיך איבערגעטאָן, באַהאַלטן זיך„, סעג, צעבראָכענע זײַלן, וואַרשע 1920.

2. אומפּ. איצ, אימפּ נב. געשען, פֿאָרקומען אַ סך, פֿאַרשיידנס. זיך פֿאַרלויפֿן במשך פֿון אַ לענגערער צײַט אָדער אין אַ קורצער, אָבער שטורמישער צײַט. *וואָס (עס) האָט זיו איבערגעטאָן! = א) וואָסערע טומלענישן, סקאַנדאַלן עס זײַנען געווען; ב) וויפֿל געשעענישן עס זײַנען געווען אין אַ קורצער צײַט. „ער האָט זיך דערמאַנט וואָס מיט אים האָט זיך איבערגעטאָן„, נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'. „האָט אַכטונג געגעבן אויף אַלע אינטערעסעס וואָס טוען זיך איבער אונטער דער זון„, מס, קהלת,

א, 14. ,,ווער עס ווייסט וואָס עס האָט זיך איבערגעטאָן זײַט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צווישן די וואָס רופֿן זיך אָן בראָדער“, ארז, קמ, 32 1863, No. ,,וויפֿל נײַס האָט זיך איבערגעטאָן, וויפֿל וואַסערן זענען איבערגעלאָפֿן , שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. ~טאָנעניש.

איבערטאַנצן — טרוו. טאַנץ איבער, ~ געטאַנצט. 1. טאַנצן נאָכאַמאָל. א, דעם וואַלס. 2. טאַנצן פֿאַרשיידענע טענץ. א אַלע נײַע טענץ. 3. איבערשפּרינגען. מיט ז י ך — 1. אויפֿהערן טאַנצן, מער ניט ווילן (קענען) טאַנצן. 2. טאַנצן איבער דער מאָס. א, זיך און אָוועקפֿאַלן אַ פֿאַרמאַטערטער. 3. איבעוקומען, פּטור ווערן פֿון עפּעס. ,,דו האָסט זיך שוין דעם זשערעב איבערגעטאַנצט און ביסט זיך שוין בײַ זיך אַליין אַ מענטש,,, ייִפֿאָל, 18 1887, No. ־עכץ. ־עניש.

איבערטאַס(עווע)ן — ← איבערטאַשן. ← איבערטאַלירן.

איבערטאַסקע(ווע)ן — טרוו. ־קע(ווע)

איבער, ~געטאַסקע(ווע)ט. סל. איבערשלעפּן, אַריבערטראָגן מיט מי. א, דעם שווערן אַלמער. א, ווער ווייסט וויפֿל משׂא. אויך מיט ז י ך.
„די לבֿנה שמייכלט מיר אַנטקעגן...אַך! איך זאָל זיך קענען א, העט־העט אין דער הייך“, פֿינסקער שטאָט־לוח, תרס„ד.

איבערטאָפּטשען — טרוו & אוטוו. ־טשע איבער, ~געטאָפּטשעט. 1. איבערבראָד(ז)יען, איבערטרעטן אַזוי אַז די פֿיס זינקען צום טייל אין דעם אויף וואָס מע טרעט. א, די (אין דער) בלאָטע פֿון שטעטל. 2. ווידער אָדער אַ לענגערע צײַט טרעטן מיט די פֿיס בײַ אַ פּראָצעס פֿון אַרבעט. א, ליים בײַם מאַכן ציגל. אויך מיט ז י ך — פֿיג. זיך א, אין דעם זעלביקן וויכּוח. ־עניש.

איבערטאָפּיען — טרוו. ־פּיע איבער, ~ געטאָפּיעט. סל. 1. דערטרינקען אַ סך, אַ צאָל. א, קעצעלעך, הינטעלעך. 2. איבערשמעלצן. א, פּוטער, שמאַלץ.

איבערטאַפּן — טרוו. טאַפּ איבער, ~געטאַפּט. 1. נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל לײַכט באַרירן מיט די פֿינגער. א, דעם קינדס קעפּעלע. א, שטאָף. א, דעם דופּק = אויך: זיך נאָכפֿרעגן, אויספֿרעגן, פּרוּוון דערגיין. 2. גרינטלעך

באַטאפּן פֿון אַלע זײַטן, אַ צאָל. א אַלע הינער

,

-

אויפֿן מאַרק. א, סחורה פֿאַרן קויפֿן. א, די קליידער, די קעשענעס פֿון דעם אַרעסטירטן. ,,דער פּריסטאַוו...האָט איבּערגעטאַפּט אירע בּגדים", י. בּודזאָהן, אַ געטרײַע ווײַבּיל חלעבּין, ווילנע 1892. 3. אויך וואול, מיט סעקסועלן בּ. א, די מויד. א, אַלע מיידלעך.

4 געווי איבּערקוקן, איבּערנישטערן, איבּערזוכן. א, אַ בּאַרג דאָקומענטן. ,,ער האָט [די פּאָוועסטקע] איבּערגעטאַפּט אויף אַלע זײַטן, אַזוי ווי ער וואָלט רעכענען דאָס איז קיין ריכטיקע,,, י. בּודזאָהן, דצוו. ,,...כאַפּט זיך ניט..., בּיז ער האָט ניט איבּערגעטאַפּט און איבּערגעטרייסלט אַלע בּאַהאַלטענע ווינקעלעך", ממוס, 'בּישיבָה של מטה'. *א, (אין) יענעמס וואָגן = פּרוּוון דערגיין וואָס עס טוט זיך בּאמת בּײַ יענעם.

5 פֿיג. אַנאַליזירן, באַטראַכטן. „גייט טאַפּט
.
איבער אינגאַנצן די הײַנטיקע ליטעראַטור...,
וועט איר מערניט געפֿינען נאָר לשון, אַ מוסר
זאָגן, עצות, פּלפּול, בויך־סבֿרות,„ ממוס, שלמה.
אויך מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.
איבערטאַפּעטירן — טרוו. ־טיר איבער,
~(גע)טאַפּעטירט. איבערבײַטן טאַפּעטן,
וואַנטפּאַפּיר. א, דעם סאַלאָן ־ונג.
.
איבערטאַפּעצירן — טרוו. ־ציר איבעו,
~(גע)טאַפּעצירט. 1. פֿאַרריכטן און באַדעקן
ווייך מעבל מיט נײַעם שטאָף. א, די סאָפֿע.
2. דזוו איבערטאַפּעטירן. ־ונג.
איבערטאָקן — טרוו. טאָק איבער, ~געטאָקט.
1. טאָקו, דרעקסלען נאָכאַמאָל, אַנדערש,
בעסער. א, דעם קאַרניז. 2. טאָקן אַ סך.
איבערטאַקסירן — טרוו. ־סיר איבער, ~(גע)־
טאַקסירט. 1. באַשטײַערו מיט אַ טאַקסע,
אָפּצאָל, נאָכאַמאָל (לויט אַן אַנדער
אויסרעכענונג אָדער פּרינציפּ). א, דעם שטאָטישן
שטײַער.
א, די שטײַער־צאָלערס. 2. שאַצן נאָכאַמאָל,

פֿונדאָסנײַ (די גרייס פֿון איינעמס פֿאַרמעגן, דעם ווערט פֿון אַן אײַנקויף אדגל). א, וויפֿל מע האָט אויסגעגעבן. א, עמעצנס פֿאַרמעגן. 3. שטעלן, באַשטימען אַ צו הויכע טאַקסע, אָפּצאָל, שטײַער. א, דעם יורד. ־ונג.

איבערטאַראַבאַניען — טרוו. ־ניע איבער, ~(גע)טאַראַבאַניעט. 1. אויסקלאַפּן אויף אַ פּויק נאָכאַמאָל. א, כּדי אַרויסרופֿן דעם עולם [עובֿדה פֿון אַמאָליקן שטעטלשן אויסרופֿער, אַנאָנסירער]. 2. (מיט בײַטעם פֿון ביטול) איבערדערציילן, צעפּויקן אַ נײַס, רכילות נאָכאַמאָל. א, די פּיקאַנטע מעשׂה פֿרגל איבערבאַ.

ראַבאַנעווען.

איבערטאַראַראַמע(ווע)ן — אוטוו. ־מע(ווע) איבער, ~געטאַראַראַמע(ווע)ט. פּפֿ: ~טאַרעראַמע(ווע)ן. טומלען, רעשן אַ לענגערע צײַט. „וואָס די קינדער טאַראַראַמעווען איבער אין פֿאַרלויף פֿון אַ טאָג“, רייד. „זיך אויסגעזעצט...אויף דער בינע און ווידער אָנגעהויבן איבערצויאָגן, איבערצוטאַראַראַמעווען איינער דעם אַנדערן“, מ. שטיקער, טמז, 29 IX 1963. אָפּט מיט ז י ך.

איבערטאָרגעווען — טרוו. ־געווע איבער,

~(גע)טאָרגעוועט. סל. 1. אויסדינגען, קויפֿן דורך אָנבאָטן העכערן מקח. א, עמעצן בײַם קויפֿן אויף אַ ליציטאַציע. 2. קויפֿן כּדי גלײַך צו פֿאַרקויפֿן. א, אויפֿן מאַרק (מ י ט) וואָס עס קומט צו דער האַנט. א, אַ זעקל תּבֿואה.

איבערטאָרליען — טרוו. ־ליע איבער, ~ געטאָרליעט. פּד. איבערקײַקלען, איבערוואַלגערן אין שמוץ. א, אַ מלבוש אין בלאָטע. א, יענעמס נאָמען אין שמוץ. מיט ז י ך.

איבערטאָרמאָשען — טרוו. ־שע איבער, ~געטאָרמאָשעט. סל. 1. איבערשאָקלען, איבערטרייסלען. א, עמעצן די ביינער. 2. וועקן דורך אַ שטויס טאָן עטלעכע מאָל. א, דעם פּעפּער ביז ער זאָל זיך אויפֿכאַפּן. מיט ז י ך — א, זיך אין דער בויד.

איבערטאַרן — טרוו. טאַר איבער, ~געטאַרט.

איבערטואונג

לד. איבערשמירן מיט טאַר, סמאָלע. א, די רעדער. א, אַ שיפֿל.

איבערטאַרע(ווע)ן — טרוו. ־רע(ווע) איבער, ~געטאַרע(ווע)ט. 1. אײַנשטעלן דעם באַלאַנס פֿון אַ וואָג נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ. א, אויף דעם

ֿ
פֿאַרלאַנג פֿונעם קונה. 2. פֿונדאָסנײַ מאַכן
גלײַך דעם פֿאָרנט און הינטן פֿון קלייד. די
שנײַדערקע דאַרף א, דאָס קליידל. ־רעניש.
איבערטאָרען — טרוו. ־רע איבער, ~
געטאָרעט. פֿפֿ: ~טאָרקען. סל. 1. אונטערטרײַבן,
צואײַלן נאָכאַמאָל. א, מע זאָל גיין גיכער.
2. וועקן נאָכאַמאָל דורך שטויסן, טאָרקען אין
די זײַטן. א, אַז ער זאָל אַזש אויפֿשפּרינגען.
־עכ□ן. ־עניש.
איבערטאַרעראַמע(ווע)ן — ←
איבערטאַראַראַמע(ווע)ן. „וואָס דאָ האָט זיך
איבערגעטאַרעראַמעט אין דעם יאָר איבער דעם
געשעפֿט“, קמ, 1864 42, No.
איבערטאָרקען — ← איבערטאָרען.
איבערטאַשן — טרוו. טאַש איבער, ~
געטאַשט. 1. איבערמישן קאָרטן (איידער מע
טיילט פֿונאַנדער צווישן די שפּילערס). א, דעם
דעק קאָרטן. 2. בכלל איבערמישו, דורכמישן.
איבערגרופּירן; איבערשטעלן. א, די
מיניסטעריומס צווישן די זעלביקע מיניסטאָרן. „ער האָט
גענומען גוט א, אין זײַן געדאַנק אַלץ וואָס
עס איז פֿאָרגעקומען“, טמז, 1965 □ I 21. „די
פֿירער...וואָלטן איצט געדאַרפֿט א, זייער

גאַנצע שטעלונג...דערעיקר צו ייִדישער דערציאונג“,
הרבֿ א. שודין, פֿאָר, 4 1966 I.
איבערטאַשן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. אויך:
1. זיך דורכמישן. „אין משך פֿון די
יאָרהונדערטער האָט זיך די ייִדישע באַפֿעלקערונג
אַזוי פֿיל מאָל איבערגעטאַשט דורך גירושים
און אַרײַנוואַנדערונגען“, מוו, ייִשפּ 2 ,XIII־3.
2. זיך איבערבײַטן גרינטלעך, זיך
איבעראַנדערשן. „ער איז געווען זיכער אַז זײַן לעבן
האָט זיך איבערגעטאַשט. עס הייבט זיו ווידער
אָן פֿון אָנהייב„, אָפּאַ, 'שׂמחהס לעבן'. ־ונג
— „איז דערווײַל פֿון אָט דער קאָרטן־א,
געוואָרן אַ נײַע וועלט־סענסאַציע“, פֿאַש,
18 1939 III. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.
איבערטאַשעווען — טרוו. ־שעווע איבער,
~געטאַשעוועט. 1. דזוו איבערטאַשן. 2.
איבערקערן, מאַכן אַ צעמישעניש. „ווינטן פֿונעם
וואַלד האָבן איבערגעטאַשעוועט שטיבלעך מיט
געסלעך, און קעלערס מיט בוידעמס„, פּמ,
דור־אײַן דור־אויס. 3. איבערבײַטן איין זאַך
אויף אַ צווייטער. „א, סחורה אויף דער
טאַשעוואַניע (מאַרק פֿון אַלטוואַרג, פֿון ביליקע
סחורות)„ לאָקל, קעלצער ג..

איבערטו — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון איבערטאָן. 2. אומזאַץ. אויסקער. סאַראַ א, אין דעם געשעפֿט!

איבערטואונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערטאָן נאָכאַמאָל. „...מאַכט דער פּאָעט דורך געוויסע איבערפֿורעמונגען, א'ען, וואָס ער שטעלט אַרײַן אין זײַנע

נאָוועאיבערטובֿלען

לעס„, מוו איבז, פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז.

איבערטובֿלען — [...טויוולען] טרוו. טובֿל איבער, ~געטובֿלט. 1. נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל דורכפֿירן דעם אַקט פֿון טבֿילה. א, כּלים זיי צו כּשרן אויף פּסח. א, דאָס ווײַבל, ווײַל דער ערל האָט זי פֿריִער געזען פֿון דער ווײַט. 2. בכלל אײַנטונקען, אונטערטונקען אין וואַסער נאָכאַמאָל, אַ צאָל מאָל. אָפּט מיט ז י ך — א, זיך אין מקווה, אין טײַך.

איבערטויגן — אוטוו. טויג איבער, ~ געטויגט. טויגן, זײַן ניצלעך אָדער פּאַסיק נאָר אויף אַ באַשטימטער צײַט. א, נאָך אויף עטלעכע טעג. „איך וועל זיך מיט דער דינסט

ניט לאַנג האַלטן; זי וועט מיר א, בּיז נאָך
פּסח“, רייד. אויך מיט ז י ך.
איבּערטויטשען — טרוו. ־טשע איבּער, ~
געטויטשעט. אוקר. איבּערקלאַפּן; איבּערשטויסן.
א אַ קאָלדרע. א, די בּיינער. מיט ז י ך —
,
1. קזוו. א, זיך מיט די קולאַקעס. 2. דזוו
אויסטויטשען זיו ←.

□

איבּערטויפֿן — טרוו. טויף איבּער, ~
געטויפֿט. 1 פֿון איין קריסטלעכן גלויבּן
אַרי.
בּערפֿירן אין אַן אַנדערן. א אַ לוטעראַנער
,
אויף קאַטאָליציזם. 2. טויפֿן אַ סך,
גרופּעסווײַז; קריסטלען, בּאַשפּריצן מיט הייליק
וואַסער אַ סך מיט איין מאָל. א, הורטאָם אַלע
קינדער פֿונעם דאָרף. 3. איבּערשמדן (
איבּערגוואַלד). „וויפֿל ייִדישע קינדער האָט מען עס
איבּערגעטויפֿט אין מיטלעלטער!“. מיט ז י ך
— „זיך געטויפֿט צוערשט אויף לוטעראַנער,
שפּעטער זיך איבּערגעטויפֿט אויף אַ קאַטאָליק„.

־ונג.
איבּערטוישן — טרוו. טויש איבּער, ~
געטוישט. פּד. אויך אין ליטרש. איבּערבּײַטן,
מיט אַלע בּבֿ. א, די וועש אין מרחץ. א, די
וואַך אין לינת־הצדק. „איך האָבּ וואויל געהערט
אַז קיינער איז ניט אין שטאַנד אײַערע רייד
איבּערצוטוישן„, איינע אַבּשילדערונג פּאָן
קעניג אחאבֿ..., וואַרשע 1862. „אויבּ עס וועט
דיר חלילה עפּעס שאַטן, זאָלסטו מיר תּיכּף
מודיע זײַן, וועל איך קומען דיך א'„, דער
פֿאַרבּיטענער, וואַרשע 1882. „זי האָט
איבּערגעטוישט דאָס לײַלעך, אַזוי אַז איר געלעגער
האָט געבּלאַנקט שפּאָגל־ווײַס„, נאָמ, 'שווײַג,
שוועסטער'. ‟שפּראַך איז בּײַ אַ
שרײַפֿטשטעלער דער אינסטרומענט אויף וועלכן ער
שפּילט,
און ווי קען מען אײַנרעדן אַ מוזיקער ער זאָל
א, זײַן אינסטרומענט?„, שנ, שלום אַש. „אַ
דיכטער דאַרף...אַרבּעטן אויף אַ ליד...א,
ווערטער...„, א. אַלמי, פֿאַש, 14 IX 1951. מיט
ז י ד. איבּערטויש, דער. ־ונג. ־עכץ.
־עניש. ־ער (־ין).
איבּערטומלען — ־מל איבּער, ~געטומלט.
אוטוו — טומלען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א,

און פֿאַרדולן אַ קאָפּ. טרוו — טומלען העכער
ווי אַן אַנדערער, עמעצן פֿאָרטומלען. ווי קען
מען א, די שרײַערס? "אויב מע קען די
טומלערס ניט א', קען מען נאָך ווינציקער זיי
איבערשווײַגן,,, ציים, טמז, 1961 □י6 I. מיט

ז י ך — 1. טומלען זיך אַ לענגערע צײַט.
זיך א, אַרום דער קהלשער שיסל. 2.
טומלען און אויפֿהערן. זיך א, און זיך אײַנשטילן.
איבערטון (זיך) — ← איבערטאָו (זיך).
איבערטונקען — טרוו. טונק איבער; ~
געטונקט, ~געטונקען. 1. האַלטן (עפּעס) אַ
קורצע ווײַלע אין אַ פֿליסיקייט און
אַרויסנעמען. "מאַכט קראָקעטן, טונקט איבער אין איי
און אין ברויטברעקלעך,,, מישולאָוו, וועגעט,
קאָכבוך, נ,,י 1926. 2. אײַנטונקען נאָכאַמאָל,
אַ צאָל מאָל. א, דאָס גרעט. א, דאָס געשווירל
אין הייס וואַסער. ־עכץ. ־עניש.
איבערטועכץ — דאָס, ־ן (־ער). (אויך מיט
בײַטעם פֿון ביטול). 1. באַשעפֿטיקונג אָדער
אַרבעט אָן רעזולטאַטן, אָן אַ פּעולה. פֿון אַזאַ
א, קען מען גיין אין גאָלד. 2. מלבוש צום

איבערטאָן (זיך). אַן א, פֿון אַ שלעפּער.
איבערטוועניש — דאָס (די), ־ן. (
געדויערדיקער) פּראָצעס פֿון איבערטאָן (זיך). אַ
פּאַמעלעכדיק א'.
איבערטופּען — טרוו. ־פּע איבער, ~
געטופּעט. איבערטרעטן מיט שווערע טריט,
איבערטראַמפּלען. א, די בלאָטע מיט די שטיוואַלעס.
־עניש.
איבערטופּצען — טרוו. ־צע איבער, ~
געטופּצעט. וורר. דזוו איבערטופּען.
איבערטרעטן מיט אומזיכערע, וואַקלדיקע טריט. „מײַן
זונעלע קען שוין א, די גאַנצע לענג פֿון
צימער„, רייד. פֿרגל אויסטופּצען. אויך מיט
ז י ך.
איבערטוקען — ־קע איבער, ~געטוקעט.
פּפֿ: ~סטוקען. אוטוו — נאָכאַמאָל, אַ צאָל
מאָל מאַכן טוק־טוק. א, מיט אַ פֿינגערל אין
שויב. א, אין טיר. טרוו — איבערקלאַפּן,
איבערבוכצען. א, עמעצן מיט אַ פֿויסט אין
ברוסט אַרײַן. אויך מיט ז י ך.
איבערטורמייטערן — ← איבערטרומייטערן.
איבערטור(ק)ען — דזוו איבערטאָרען,
איבערטאָרקען.
איבערטושירן — טרוו. ־שיר איבער, ~(גע)־

טושירט. 1. רעטושירן נאָכאַמאָל, אַנדערש,
בעסער. א, די פאָטאָגראַפיע. 2. דזוו דווו.
־ונג.
איבערטושן — טרוו. טוש איבער, ~געטושט.
איבערציִען (פונדאָסנײַ) מיט טוש אַ צייכענונג,
געמאַכט מיט אַ בלײַער.
איבערטושען — טרוו. ־שע איבער, ~
געטושעט. סל. דזוו איבערדעמפן.
איבערטיאָכ(ק)ען, ~טיאָקען — אוטוו.
־כ(ק)ע, ־קע איבער; ~געטיאָכ(ק)עט, ~
געטיאָקעט. סל. קלאַפּן אַ צאָל מאָל קורץ, גיך.
„פאַר איבערשרעק האָט דאָס האַרץ בײַ אים
איבערגעטיאָכקעט“. איבערטיאָקען מיט די
שפיצפינגער איבער דער שויב ־עניש.
.
איבערטיגלען — טרוו. ־גל איבער, ~
געטיגלט. 1. איבערגליִען, איבערשמעלצן (צו
רייניקן, ראַפינירן אַן איידעלן מעטאַל). 2. פיג.
פאַרבעסערן פאַרפײַנערן (אין מאָראַלישן
זי,
נען). א, דאָס פאָלק אין שווערע לײַדן.

איבערטיילן
איבערטיטל — דער, ־ען. ערשטער טיטל

וואָס קומט אויף אַן אַרטיקל, בוך אע. אַ
פּאַסיקער א'.
איבּערטיטלען — טרוו. ־טל איבּער, ~
געטיטלט. 1. באַטיטלען נאָכאַמאָל אָדער געבּן אַ
נײַעם טיטל. באַטיטלען מיט אַ סך טיטלען.
א, די פּני־העיר מיט אַלע מורינוס ורבינוס.
2. מאַכן אַ נײַ קעפּל. א, די קאַפּיטלעך.
איבּערטײַטלען — טרוו. ־טל איבּער, ~
געטײַטלט. אָנווײַזן (מיט אַ טײַטל) נאָכאַמאָל,
אַ סך מאָל. א, דעם אַ ף־בית פֿאַר די קינדער.
־עניש.
איבּערטייטן — טרוו. טייט איבּער, ~געטייט.
טייטן אַ סך, אַ צאָל. א, ווער ווייסט וויפֿל
אומשולדיקע קרבּנות.

רעזולטאַט פֿון איבּערטײַטשן. „איפּכא־
מסתּבֿאיבּערטײַטש — דער, ־ן. 1. אַקט און

ראדיקע א'ן זאָלן ניט מעגלעך זײַן„, ה.
זײַדמאַן, טמז, 2 .26 1959 I I. טײַטש מיט א

רמז אויף עפּעס. „שׂדה־בקר דאַרף מען אויף
ייִדיש איבּערטײַטשן — רינדער־פֿעלד. דער

א, איז וויכטיק“, אפֿא, טמז, 16 1953 .XII
איבערטײַטשן — טרוו. טײַטש איבער, ~
געטײַטשט. 1. טײַטשן אויף אַן אַנדער (אַ נײַע) אופֿן. „מיר געפֿעלט ניט דער אָנגענומענער אויסטײַטש פֿון פּסוק. ער בעט זיך מע זאָל אים א'„, רייד. 2. טײַטשן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. „וויפֿל מע זאָל ניט טײַטשן אוו א, רעליגיע, האָט זי ניט קיין שום באַדײַטונג, אויב זי איז ניט אַ מין צידוק־הדין פֿאַר דעם אוניווערס„, גרינ, מענטשן און ווערטן.
3. טײַטשן מיט אַ באַשטימטער כּוונה,
אַרײַנטײַטשן. „אָבער זיי [די אַפּיקורסישע מלמדים] נעמען גאָר די תּורה און טײַטשן זי איבער מקאָלקע דאָקאָלקע„, קמ, 4 .19 1870, .No
פֿאַרטײַטשן. „תּנך — און גמרא־טעקסטן פֿלעגן דאָרט וואָרט בײַ וואָרט איבערגעטײַטשט ווערן דורכן מלמד (רבי) אויף יִדיש„, ייִבל .XXXI-II
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)
— „זעלטן ווען אַ גרינדער פֿון אַ נײַער רעליגיע אָדער א, פֿון אַן אַלטער רעליגיע האָט אַזוי פֿאַרפֿלעקט זײַן לעבן לדורי־דורות“, גרינ, ייִד און וועלט ־עריי.
. —

איבערטײַטשעוודיק — אַדי. וואָס מע קען איבערטײַטשן. א'ע פּסוקים, מימרות, אַפֿאָריזמען. ־יקייט.

איבערטײַטשעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ (כאַראַקטעריסטיש פֿאַ) אַן איבערטײַטשער. א'ע אײַנפֿאַלן.

איבערטײַכנדיק — אַדי. נעאַל (נאָר פֿאַר אַן איינציקער סיטואַציע). וואָס איז איבער, מער ווי סתם אַ טײַך. „אפֿשר זײַן אַ האָדסאָן? ...ווײַל עס איז אַן א'ער זין פֿאַראַן,„ לע, אַ ייִד אויפֿן ים.

איבערטיילן — טרוו. טייל איבער, ~געטיילט. 1. טיילן נאָכאַמאָל (אַנדערש, בעסער, פּינקטלעכער). א, די צאָלן, ווײַל דאָ איז פֿאַראַן עפּעס אַ טעות. „טייל איבער, ווײַל איין פּאָרציע איז גרעסער“ [געהערט אָפֿט אין די לאַגערן

איבערטיילעוודיק

בײַם פֿאַרטיילן דעם לאַבן ברויט, צוגעטיילט פֿאַר א גרופּע]. 2. זזוו צעטיילן פֿונאַנדערטיילן. — -

א, דעם עפּל אויף צוויי גלײַכע חלקים. 3. אָפּטיילן. א, די גוטע קינדער פֿון די שטיפֿערס.

מיט ז י ך. איבערטייל, דער. ־ונג.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
איבערטיילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
איבערטיילן. א'ע שטאָפֿן. ־יקייט.
איבערטיילעריש — אַדי. וואָס איז ווי ביַי
(כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן איבערטיילער.
איבערטײַער — אַדי. זייער טײַער, איבער
דער מאָס. א'ע אַנטיקן.
איבערטינטלען: ~ [. ־ענטלען. איבערשרייַבן
— טרוו. ־טל איבער, ~
געטינטלט. פֿפֿ: ~
שלעכט, אומגעראָטן, אויף גיך. שלעכט
אָנשרייַבן און נאָך ערגער א'. 2. אָנשרייַבן פֿון
אויבן אויף אַן אומגעראָטענעם אופֿן. א,
איבער די שורות אַ נוסח וואָס מע קען ניט
דורכלייענען. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע).
איבערטינקעווען — טרוו. ־קעווע איבער,
~געטינקעוועט. 1. טינקעווען נאָכאַמאָל. א,
אַ וואַנט, אַ מויער. „די וואַפּנע שיילט זיך.
מע דאַרף א, די גאַנצע וואַנט“, רייד. 2.
טיגקעווען אַ סך.

איבערטיסזיניק — אַדי. וואָס איז צו טיפֿזיניק, איבער דער מאָס. א'ע רייד וואָס קיינער פֿאַרשטייט ניט. ־יקייט.

איבערטיר — די, ־ן. אייבערשטער טייל פֿון דער טירעם, אייבערשטידל. „איר זאָלט אײַן טונקן אין דאשׂ בלוט פֿון שאַף, אונ, זאָלט שפּרענגן אויף דיא איבר טיר“, צאינה, בא.

איבער טי'ש — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. במשך פֿון דער צײַט וואָס מען איז בײַם טיש, בײַם עסן (אינאיינעם מיט אַנדערע). „מן דאַרף איבר טיש ניקשׂ רידן ווען מן עשׂט“, מהמ, ד/א.

איבערטל עכן — אוטוו. טליִע איבער, ~ געטליִעט. אויפֿהערן טליִען. די קוילן האָבן שוין איבערגעטליִעט. דער ווייטיק וועט א'.

איבערטליקען זיך — אוטוו. ־קע זיך איבער, זיך ~געטליקעט. פּד. וואול. טליקען זיך מיט אַ צאָל. ← אונטערטליקען זיך.

איבערטעטיק — אַדי. וואָס איז צו אַקטיוו, צו טעטיק. וואָס פֿונקציאָנירט איבער דער מאָס. טומלדיקע, א'ע מיטגלידער פֿון אַ פֿאַראיין. א'ע דריזן. ־יקייט — „ווי וועט זיך די א, פֿון דער שילד־דריז אָפּרופֿן אויפֿן מענטשנס אָרגאַניזם?„, פֿגעז, ווילנע 9 1938, No־10.

איבערטעכערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געטעכערט. אוקר. 1. אומגעראָטן איבערשנײַדן, צעשנײַדן אַנדערש; שלעכט צעטיילן. א, ברויט אויף אומגלײַכע חלקים. 2. איבערשטעכן, צעשטעכן און אָנטאָן שאָדן. א, מיט אַ מעסער אַ זאַק מיט תּבֿואה. 3. איבערשטעלן, איבערפּלאַנירן. א, די עטלעכע צאַצקעס. א, די גאַנצע נסיעה.
איבערטעלעפֿאָנירן — אוטוו. ־ניר איבער, ~טעלעפֿאָנירט. 1. גאָכאַמאָל טעלעפֿאָנירן. א, צו דער פֿירמע, כּדי צו באַשטעטיקן די

שטעלונג. 2. טעלעפֿאָנירן צו אַ צאָל. א, צו אַלע באַקאַנטע.
איבערטענדלען — אוטוו & טרוו. ־דל איבער, ~געטענדלט. 1. איבערפֿאַרקויפֿן זאַכן מיט אַ קליינעם ווערט. אײַנהאַנדלען אַ צעבראָכענע קאַנאַפּע און זי א, מיט אַ רווח פֿון עטלעכע גראָשנס. 2. טענדלען מיט פֿאַרשיידענעם אַלטוואַרג, טענדלען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. „מיט וואָס איך האָב שוין איבערגעטענדלט אין מײַנע גרינע יאָרן!“, רייד. ־עניש.

איבערטענהן — [...טײַנען] טרוו. טענה איבער, ~געטענהט. 1. פֿירברענגען אַ טענה אויף אַן אַנדער אופֿן, בעסער. עס קומט אויס איבערצוטענהן די גאַנצע פֿאַרטיידיקונג. 2. טענהן, רעדן נאָכאַמאָל (כּדי איבערצײַגן, אײַנרעדן). „[דער מאָגן] לאָזט זיך ניט א, און אײַנבעטן„, ייִפֿאָל, 3 .1883, No 11. איבערשמועסן מיט עמעצן אַן ענין און דערבײַ זײַן אַ ביסל צעהיצט. 4. האָבן מיט עמעצן אַ לײַכטן איבעררייד. א, מיט דעם שכן למאַי זײַן ציג שפּרינגט איבערן פּאַרקאַן. אָפּט מיט ז י ך — אויך: אויפֿהערן צו טענהן.

איבערטענטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געטענטלט. 1. דזוו איבערטינטלען. 2. איבערפּאַטשקען בכלל. א, דאָס שורה־ גרי־עגי ־ער (־ין ־ק פּעטעס ־עכ ן.

.

. ,).

סל אָטשערעס מיט ל

איבערטענער — ← איבערטאָן, דער.

איבערטענצלען — טרוו. ־צל איבער, ~ געטענצלט. 1. דזוו איבערטאַנצן, אָבער מיט

קליינע טריטעלעך, (אָדער) אויף אַ קאָמישן
אופֿן. א, ווי אַ פֿאַרשמײַעטע מחותּנתטע. 2 פֿיג.

.

איבערטראָגן צרות מיט אַ לײַכט געמיט. א,
די דאגות און הערן די וועלט ווי די קאַץ.
־עניש.
איבערטעסטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~
טעסטירט. 1. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן
דורכפֿירן אַ טעסט(ירונג). א, געוויסע
פֿעאיקייטן. א, אַ צאָל סטודענטן. 2.
איבערפּראָבירן. איבערפּרוּוון. איבערעקספּערימענטירן. ־
ונג.
איבערטעסען — טרוו. ־סע איבער, ~
געטעסעט. האַקן פֿון אויבן, טעסען נאָכאַמאָל,
אַנדערש. א אַ קלאָץ.

,

אי'בערטערי'טאָריאַ'ל — אַדי. וואָס איז
איבער, מער ווי אויף איין טעריטאָריע. „ייִדיש
...איז דער קאַנאַל דורך וועלכן עס פֿליסט,
פּאַראַלעל צו דער ייִדישער לאַנד־אידייע, די
א'ע אידייע פֿון אונדזער קיום„, לע, טאָג,
21 1957 XII. —קייט.
איבערטערכען — טרוו. ־כע איבער, ~
געטערכעט. איבערפּאַטשקען, איבערטענטלען,

איבערשמירן. א, דעם גאַנצן בויגן פּאַפּיר. א,
מענטשעלעך און פֿייגעלעך. א, מיט אַ טונקעלן
קאָליר די כּלומרשט אויסגעפּאָרבענע ראָזע ווענט.
־עניש. ־ערײַ.
איבערטערמיניק — אַדי. וואָס איז
שפּעטער פֿון אַ פֿעסטגעשטעלטן טערמין. אַן א,
ועקסל. ־יקייט.
איבערטערפּען — טרוו. ־פּע איבער, ~

גע‌איבערטראָגן

טערפּעט. ל2. סל. איבערטראָגן מיט געדולד;
דורכלײַדן און אויסהאַלטן. „דאָס ערהויבענע
געפֿיל שטאַרקט אונדז...איבערצוטערפּען„, ארז,
קמ, 14 1868, No. „מע מוז א, די שלעכטע
צײַט, גאָטס צאָרן איז ניט אויף אײביק“,
וואָלף ליטינסקי, דער כּריזיס, באַרדיטשעוו 1905.
איבערטפּשותדיק — [...טיפּשעס..] אַדי.
וואָס איז גאָר נאַריש, נאַרישער ווי פֿון אַ
דורכשניטלעכן טיפּש. א'ע רייד, מעשׂים.
איבערטראָג — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבערטראָגן. א, פֿון אַ משׂא פֿון איין אָרט
אויף אַ צווייטן. 2. אַקט פֿון דורכהאַלטן,
דורכלײַדן. דער א, פֿון אַ שווערן בראָך,

אומגליק אע. 3. אַקט פֿון אַריבערפֿירן פֿון איין חשבון אויף אַ צווייטן, פֿון איין בוכהאַלטעריש בוך אין אַ צווייט בוך, פֿון איין שורה אויף אַ צווייטער.

איבערטראָגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו איבערטראָגעוודיק. אויך: איבערזעצעוודיק, וואָס מע קען איבערזעצן אויף אַן אַנדער שפּראַך. „אויסדריקן אויף ענגליש אַלע זייערע אייגנטימלעכקייטן, אַפֿילו די, וואָס זײַנען אויפֿן ערשטן בליק ניט א, אין אַן אַנדער שפּראַך„, סאָוו, צ, [נש, ישפּ, 3 (10)].

איבערטראָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערטראָגן. „די א, פֿון גאָט אויף איך איז...דערלויבט“, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע. „באַנוצט זיך די משנה מיטן וואָרט יציאה...און אין לשון רבים יציאות — א'ען“, פּיעט, מועד.

איבערטראַגיש — אַדי. וואָס איז אויסערגעוויינלעך טראַגיש. „אַזוי א, ווי נאָר פֿאַקטן קאָנען זײַן, ווען עס קומט צו ייִדן“, צײַט, טמן, 1961 III 25.

איבערטראָגלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען אַריבערטראָגן פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן. א'ע שרײַבמאַשין. 2. (בוכפֿירונג) וואָס מע

קען איבערטראָגן פֿון איין חשבון אויף אַ
צווייטן. אַן א'ע סומע.
איבערטראָגן — טראָג איבער, ~געטראַגן.
טרוו. 1. טראָגן פֿון איין אָרט אויפֿן (צום)
צווייטן. אַריבערטראָגן. א, דאָס קינד פֿון דער
באָבען צו דער מאַמען. א, די שאַפֿע פֿון איין
צימער אין אַן אַנדער צימער. „זייער
שטאַרקייט, וואָס וואָלט דאַכט זיך, א, בערג געקענט",
י. קאָטליאַר, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No.
2. נאָכאַמאַל טראָגן. א, דעם בריוו אויפֿן
נײַעם אַדרעס. 3. טראָגן די זעלביקע זאַך
אַ צאָל מאָל פֿון איינעם צום צווייטן פֿון איין
,
אָרט אויף אַ צווייט אָרט. „און מע וועט זי
[די טרעטמאַשין] קענען א, צו יעדן קאָלאָניסט,
ווען ער וועט זי ברויכן", יהל, די קאָלאָניסטן,
וואַרשע 1899.
4. טראָגן אַ צאָל זאַכן. „אויף איר באַפֿעל
ווערן...איבערגעטראָגן טיש און בענק, קאַסטנס,
שאַפֿעס און בעטן", ממוס, אַ גרויע האָר'.
,
5. שלעפּן אויף זיך אַ צאָל מענטשן. „ווען
האָב איך שוין אויף מײַן רוקן ניט
איבערגעטראָגן?", ממוס, קליאַטשע. „דער בעלפֿער האָט

געמוזט א, די דרדקי־תּלמידים אין חדר אַרײַן,,.

איבּערטראָגן

6. לאָזן אָפּטראָגן עפּעס צו עמעצן.

איבּערגעבּן. איבּערשיקן. א, דורך אַ שליח דעם בּוקעט בּלומען. ,,יוסף, מײַן גיטרייאר דינר, קים אַרײַן צו מיר! איך וויל דעם הערן איין בּאָטשאַפֿט לאָן איבּר טראָגן דורך דיר,,, מכירת יו□ף פֿראַנקפֿורט 1713 [אַוו□].

,

7. איבּערהאַלטן, איבּערגעבּן פֿון האַנט צו האַנט. ,,דו צענער־בּילעט, קענסטו מיר ניט זאָגן...וואָסערע הענט האָבּן דיך איבּערגעטראָגן בּיז מע האָט דיך צו מיר געבּראַכט,,, צונ, ,המנגן'.

8. טראָגן אויף זיך (אַ מלבּוש) אַן אומבּאַשטימטע לענגערע צײַט אָדער אַ קירצערע בּאַשטימטע צײַט. א, דעם זעלבּיקן ווינטערמאַנטל אַ שאָק מיט יאָרן. א, די אַטלעסענע קאַפּאָטע בּיז זי צעפֿאַלט זיך. ,,ער זאָל כאָטש א, [דאָס קאַשקעטל] דעם זומער — זאָגט דער טאַטע“, שע, מע□tזיות פֿאַר איד, קינדער II.

9. איבּערפלאַצירן. א, די רעדאַקציע פֿון

זשורנאַל אין (אויף) אַן אַנדער דירה. א, דאָס געשעפֿט אויף אַן אַנדער גאַס. „האָט באַצײַטנס אויפֿמערקזאַם געמאַכט זײַנע ברידער, זיי זאָלן זייער שול א, אויף אַן אַנדער פּלאַץ“, ירמי, יוסף יאַקאָבזאַהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1O.1900. דז אויך אין דמיון, אויף אַן אימאַזשינערן אופֿן. „איידער דיך איבערשפּאַרן איז שוין גרינגער א, מאַריענבאַד אויף די נאַלעווקעס“, שע, 'מאַריענבאַד'. „האָב איך מיט איין שטריך פֿון דער פֿעדער געזאָלט א, ת״ק פּרסה“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

11. ספּעצ. איבערפֿלאַנצן. א, די בוריקעס אויף נאָך אַ בייט. „ווען [די שוואַכע געוויקסן וואָס מע האָט אָפּגעהיט אין אַ ספּעקט] וואַקסן אַ ביסל אונטער און ווערן שטאַרק, טראָגט מען זיי איבער אויף אַן אָפֿן פֿעלד...די מלאָכה רופֿט מען א, געוויקסן„„ מ. וועבער, דער יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891.

12. עפּעס איבערשטעלן אין אַ ריי. א, דאָס גאַנצע וואָרט (דעם לעצטן טראַף) אויף דער צווייטער זײַט. א, אַ סצענע אין אַ דראַמע. א, דעם צווייטן קאַפּיטל צום סוף פֿון בוך.

13. בײַטן, איבערשטעלן דעם שווערפּונקט, דעם צענטער, דעם אינטערעס, די פֿאָרעם. א,

די ליבשאַפֿט צו דער מוטער אויף דער ליבע
צו דער פֿרוי. א, (די קראַפֿט פֿון) דאַמף אויף
עלעקטרע. „די נײַע פֿיזיק כאַראַקטעריזירט זיך
אַמבעסטן דורכן א, דעם פֿיזיקאַלישן
שווערפּונקט פֿון דער מעכאַניק אויף דער
שטראַלונג„, נוטנ.

14. אַריבערפֿירן אויף אַן אַנדער מאַטעריאַל, איבערפֿירן אויף (מיט) אַן אַנדער שטאָף, אַן אַנדער מעדיום. אָפּשפּיגלען. א, דאָס קעפּל, אויסגעקלעפּט פֿון ליים, אויף בראָנדז. א, פֿון דער לינקער זײַט (פֿון נעגאַטיוו) אויף דער רעכטער זײַט (אויף פּאָזיטיוו). א, אַ שטימונג אויפֿן לײַוונט. „די שײַן פֿון אַ נאַפֿט־לאַמטערן איז געפֿאַלן אויף אים, איבערגעטראָגן זײַן קאָפּ אַ פֿאַרגרעסערטן אויפֿן ווײַס־געפֿאַרבטן טויער„, אָפּאַ, ביאַנקע.

15. אָנווענדן אַ געדאַנק, אַן אידיי(ע), אָ מיינונג אָדער אַרויסזאָגונג (פֿון אַן אויטאָריטעט) אויף אַן אַנדער אופֿן, אַנדערש אין צײַט,

אין סבֿיבֿה. א, דעם באחרית־הימים אויף
אונדזערע טעג. „ווי אַזוי קענען מיר א, הײַנטיקע

אידייען אויף דעם אַלטערטום, אויף דעם מיטלעלטער?“, קאָר II.

16. איבערשרײַבן. איבערצייכענען. א, דאָס אָנגעשריבענע און דאָס פֿאַרריכטע אין אַן אַנדער העפֿט. א, דעם אָנוואַרף מיט אַ בלײַער אויף אַ צייכענונג מיט טוש. 17. (בוכפֿירונג) אַריבערפֿירן פֿון איין בוך אָדער חשבון אין אַ צווייט בוך אָדער אויף אַן אַנדער חשבון. א, דעם סכום פֿון טאָגבוך אין הויפּטבוך. א אַ חובֿ פֿון איינעמס חשבון אויפֿן צווייטנס.

’

18. אַריבערברענגען פֿון איינעמס רשות אין אַ צווייטנס. טראַנספֿערירן פֿאַרמעגן אָדער רעכט, אויך אַן אָבליגאַציע, אַ חובֿ אע. א, דאָס רעכט צו קויפֿן פֿאַרקויפֿן, פֿאַרדינגען

’

אאַזוו פֿון איין מענטשן אויף אַ צווייטן. „דא איבר טראגי איך דיר דיא קומאנדי פֿון מײַנם גאַנצן הויז, אַלז דורך דײַן מונד זאָל אַליש גיאן אײַן אונ, אויז“, מכירת יוסף, פֿראַנקפֿורט 1713 [אַווע]. „מע זאָל די נדן־געלט א, אין איין שטעל, וואו עס זאָל פּראָצענטן טראָגן אין זיכערע הענט“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. *א אַ וועקסל = דעם חובֿ לויטן וועקסל

'
זאָל באַצאָלן אַ צווייטער, ניט דער וועקסל־
געבער.
19. איבערגעבן דורכצופירן. „די באַפעלן
דורכצופירן ווערן איבערגעטראָגן פון גענעראַל
צום פּאָלקאָווניק, פון פּאָלקאָווניק — צום
מאַיאָר...ביז עס קומט צום פּשוטן זעלנער וואָס
קען שוין קיינעם ניט א''', רייד. „פילע זאַכן
פון דער קהילה האָט דער רבֿ אים
איבערגעטראָגן און ער האָט אַלץ געמאַכט", אמד,
דיא צוריקגעקאָמענע ליעבע, ווילנע 1894.
2O. איבערגעבן אינפאָרמאַציע, אינפאָרמירן.
א אַ ידיעה פון איינעם צום צווייטן. „אַזוי
'
ווי אויסגעטריקנט [געוואָרן] די אַלע מענטשן
וואָס פלעגן דאָס אים יעדן מאָל מיט גרויס
חשק א''', מ. טײַטש, אַרום דער פאַבריק, מינסק
1929. 21. ספּעצ פאַרשפּרייטן אַ רכילות(ל),
.
אַ פּליאָטקע. א, די מעשׂה מיט דער שכנה פון
כאַסיען צו באַסיען. 22. זן. אויסדריקן אין
ווערטער. קאָמוניקירן אַ געדאַנק. „טייל מיט
מיר די ניט־איבערגעטראָגענע געדאַנקען דײַנע„,
ג, ל, כ, ז, איבז, קאַמבעך מיט דער פּרינצעסין

אַרעסיניע, ווילנע 1870.

23. איבּערזעצן פֿון איין שפּראַך אויף אַ צווייטער. „געבּענטשט זאָל ווערן דער דאָזיקער וועלכער עס וועט דעם טײַערן אוצר פֿון בּנימינס נסיעה א, אויך אין לשון־הקודש„, ממוס, מסעות. „די אַלע אוצרות וואָס ייִדן האָבּן געשאַפֿן אין פֿרעמדע שפּראַכן און דערנאָך איבּערגעטראָגן אין העבּרעאיש“, אָפּאַ, היבּרו. „א, אויף ייִדיש אונדזערע גרויסע לעגענדעס און אַנדערע נאַציאָנאַלע ווערטן„, לע, טמז, 3 5 ▯19 II.

24. אָנשטעקן מיט אַ קלעפּיקער קראַנקייט. א, די מאָזלען אויף אַלע קינדער אין שטובּ. „אַלע אַנדערע טיפֿוסן ווערן איבּערגעטראָגן דורך אומגעציפֿער וואָס געפֿינען זיך נאָר דאָרטן וואו ס'איז שמוציק“, דר, גרש ון לעווין, פֿגעז, ווילנע 19 1931, No.

איבּערטראָגן

25. אַקוזוו. דורכמאַכן, איבּערשטיין אַ קראַנקייט. זײַן קראַנק אויף עפּעס און געזונט ווערן. א, אַ האַלדז־קראַנקייט און ניט אָנווערן די שטים צום זינגען. „נאָך גיכער קען מען זיך אָננעמען פֿון די וואָס האָבּן אָקערשט

איבערגעטראָגן סקאַרלאַטין און זײַנען שוין
געזונט געוואָרן", צש, פֿגעז, ווילנע 10 1924, No.
,,זײַט רואיק, אײַער פֿאָטער וועט זײַן געזונט.
אמת, ער דאַרף א, זייער אַ שווערן קריזיס,,,
שע, יידישע ראָמאַנען.
26. (אַקוזוו) אויסהאַלטן פֿיזישע ווייטיקן און
ניט אומקומען. ,,דער ייִד האָט ליב צו קרעכצן,
אָבער איז אַ בריה איבערצוטראָגן יסורים,,,
רייד. ,,זי פֿלעגט נעבעך א, איר שמערץ, אויך
קעלט, הונגער,,, ממוס, ווינטשפֿ. ,,האָבן די
חכמים מתקן געווען, אַז פֿאַרן שמײַסן דאַרף
מען דעם פֿאַרברעכער בודק זײַן, זען צי איז
ער געזונט גענוג, ער זאָל קענען א, די צאָל
שמיץ", גרינ, ייִד און וועלט. 27. אויסהאַלטן
א פֿיזישע אָנשטרענגונג. א אַזאַ האָרעוואַניעי

,

-

א, דאָס מאַרשירן צען קילאָמעטער. ,,נפֿתּליס
פֿיס זענען שטאַרקער פֿון אײַזן אַז זיי טראָגן
איבער אַזאַ פּורימדיק שטיקל אַרבעט,,, שע,
,די גאָלדשפּינערס'.
28. (אַקוזוו) אויסהאַלטן אַ צרה, אַן

אומגליק און זיך ניט אײַנבּרעכן. „די גוטע צײַט טראָגט אונדז, דערפֿאַר דאַרפֿן מיר א, די שלעכטע צײַט“, שוו. „אום די קינדער צו דערנערן לײַדט דער ייִד היץ און קעלט און טראָגט איבּער אַלע אומגליקן פֿון דער וועלט“, דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, בּאַרדיטשעוו 1897. „אַן אַנדערער זאָל אַזוי פֿיל ווי איך א, צרות און לײַד, וואָלט ער כלעבּן, שוין לאַנג פֿאַרלוירן זײַן פֿאַרשטאַנד, זײַן געפֿיל“, ממום, קליאַטשע. „וואָס דאָס קינד האָט איבּערגעטראָגן האָט ניט געוואוסט קיין בּן־אָדם אַחוץ מיר„, שע, טבֿיה. 29. (אַקוזוו) איבּערלעבּן אַ שווער געפֿיל. „שטאַרק שווער געווען איבּערצוטראָגן...די בּיטערע נויט פֿון מײַנע עלנטע חבֿרים„, ממוס, ספֿר הבּהמות. „פֿיל בּזיונות איבּערגעטראָגן פֿון זײַנע אייגענע בּרידער„, ספּ, ייִדישעך קאָלאָניסט.

3O. דזוו בּבּ 26־29 מיט נ י ט. צרות, קרענק, ווייטיקן ניט איבּערצוטראָגן. אוי, איך קען עס ניט א'! „ער זאָל ניט פֿילן דעם ווייטיק בּשעת מע שנײַדט אים, אַניט וואָלט דער ווייטיק געווען ניט צום א'„, ממוס, שטורעמצײַט. „ער וועט נישט א, די בּענקשאַפֿט נאָך זײַן שטילער טויבּ„, ה. אַקערמאַן, טמז, 20 1965 III.

31. (אַקוזוו) פֿאַרלײַדן מיט געדולד, אויסהאַרן, טאָלערירן, סובֿל זײַן. א אַלעמענס קאַ,

פריזן. ,,ווי קאָן אַזאַ רוחניות ווי דער רבי א אַזאַן אָבוזע פֿון הונדערטער מענטשן“, ייִל, ,

פוילישע יונגל, אַדעס 1895. ,,אויף מײַן קלאָגן זיך פֿלעגט מען מיר תּמיד ענטפֿערן: ,מיר זײַנען בײַ זיי אין גלות, מוז מען אַלצדינג א'“, בן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה, אַדעס 1893. ,,איינער פֿונעם עולם האָט ניט געקענט א', אַזוי האָט עס אים אָנגענומען בײַם האַרץ,,, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ,,האָט אָבער די בעל־הביתטע ניט געקענט א, מײַן אַפּעטיט“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע. ,,אַז מען איז בײַ

איבערטראָגן זיך

יענעם אַ מענטש, דאַרף מען אַלצדינג א'“, שוו. 32. (אַקוזוו) פֿאַרטראָגן. ניט ווירקן אויף די נערוון. ,,פֿאַפּיר קען אַלץ א',,, ווערטל = שרײַבן קען מען אַלץ, אַפֿילו אַ ליגן, אַן אומזין. ,,איך קען ניט א, די וואָס פֿאַרשטעלן

זיך פֿאַר פּאָליאַקן, שעמען זיך מיט זייער ייִדישקייט“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „ווײַל דער טאַטע איז קראַנק, קען ער ניט א, דעם רויך“, י. א. קאַצאָוויטש, 6O יאַר לעבן.

33. (אַקוזוו) אָנווערן, האָבן שאָדן און ניט ווערן רואינירט. א, דעם קראַך אויף דער בערזע. „ער, דער רײַכער סוחר, מעג אויך שפּעקולירן. ווען אים איין געשעפֿט ניט געראָטן, קען ער דעם היזק לײַכט א'“, ארז, קמ, 1867, .No 30

איבערטראָגן זיך — ← דפֿוו מיט

פֿאַרשיידענע בכּ. ספּעצ: 1. זיך איבערקלײַבן אויף אַן אַנדער אָרט, משנה מקום זײַן. זיך א, מיט האַק און פּאַק. „אַז דער סודילקאָווער רבֿ האָט זיך קיין מעזשביזש איבערגעטראָגן, איז דאָ דעם ר, ווערלוולען זייער ענג געוואָרן אין האַרצן„, 'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ]. „באַזונדערש האָט אים אַלט־קאַבצאַנסק ליב געקריגן, זינט ער האָט פֿון נײַעם בית־מדרש דאָרט זיך איבערגעטראָגן צו איר אין דעם אַלטן„, ממוס, אַ ש וואָט אין מזרח'. „זי הייבט זיך אָן א,

,

פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן“, 'טאָגבוך', ייִבל XI, 1 .2־ .2. אייפּ פֿאַר שטאַרבן. “אָט־אָט

עקט מיר זיך דאָס לעבן, אָט־אָט טראָג איך מיך איבער אויף יענער־וועלט“, ממוס, קליאַטשע.

3. איבערלויפֿן; אַריבערלויפֿן. איבערכאַפּן זיך. „חבֿרה טראָגן זיך איבער צו דעם אַנדערן עק גאַס“, רייד. דאָס פֿײַער טראָגט זיך איבער אויף שכנישע הײַזער.

4. איבערפֿליִען אין דער פֿאַנטאַזיע, אין דמיון, זיך פֿאָרשטעלן אַז מען איז ערגעצוואו ווײַט אין שטח אָדער צײַט. „גיי פֿאַרשפּאַר זיך, לערן און טראָג זיך איבער מיט אַלע געדאַנקען אין אַזאַ צײַט, אין אַזאַ אָרט גאַנץ ווײַט און פֿרעמד פֿון דיר„, ממום, שלמה. „ער האָט זיך נאָר איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ בעסערער וועלט„, ש□, פֿונעם יאַריד. □קען דען ווער דיר זאָגן: ס'איז געווען שוין לאַנג? קענסט זיך א, ביז צום ערשטן קלאַנג„, אַר, 'איינמאָל'. „די יוגנט טראַכט נאָר ווי זיך צו פֿאַרגעסן, ווי זיך איבערצוטראָגן אין פֿאַנטאַסטיש־אילוזאָרישע וועלטן“, אפּא, טמז, 5□19 □ו29 I.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) — אויך: טראַנסמיטער, טראַנספּאָרטער. ־ערײַ.

איבערטראָגעוודיק — אַדי. 1. וואָס מע קען איבערטראָגן. א'ע משׂאָות. א'ע קראָנקייט ־יקייט — ,,דאָס ווענדט זיך אין דער סיטואַציע און אין דער א, פֿון די מיטמענטשן,,, מוו, דעך וועג צו אונדזער יוגנט.
איבערטראָט — ← איבערטריט.
איבערטראַכט — דער, ־ן. אַקט פֿון איבער טראַכטן. ״נאָך לאַנגן א'״, זשיט. ,,און בפֿירוש מיט אַ סו זאָרג און א'״, אפֿא, טמז, 7 ▯ 1956 I.

▯ 44

פֿול מיט חשבון־הנפֿשדיקן א'״, ש. ביקל,
,,
טמז, 15 5 ▯ 19 I.
איבערטראַכטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערטראַכטן. ,,אָבער דאָס איבערלייגונג און דאָס א, האָט גאָרניט געהאָלפֿן״, דער פֿאַרביטענער, וואַרשע 1882. ,,צעטיילן... מיט א, אדן וויסן״, תּניא, 244. ,,פֿון אַנגסטיקער א, און תּפֿילהדיקער זעלישער צוגרייטוגג״, ש. ביקל, טמז, 27 1953 II.
איבערטראַכטן — טרוו. טראַכט איבער,

~געטראַכט. 1. טראַכטן וועגן דעם זעלביקן
ענין אַ צאָל מאָל, אַ לענגערע צײַט. עטלעכע
חדשים א, צי מע זאָל טאַקע עמיגרירן. „
טראַכטן, א, און גאָרנישט אַויסטראַכטן„, ווערמל.
„ער זאָל מאַכן דורך אים געשעפֿטעלעך מיט
קרעמערס, ניט צו פֿיל א'“, ממוס, ווינטשפּ.
„ער איז ערשט נאָך אַ לאַנגן טראַכטן און א,
צוגעשטאַנען צו דער זאַך“, זשיט IX, נ״י 1919.
„ווען איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעטראַכט
די ענינים איז שוין געוואָרן טאָג„, פּוקח עורים,
נ„י תּ״ש.
2. אַ ביסל טראַכטן, קלערן. „ער לאָזט זיך,
ווי דער שטייגער זײַנער איז צו אַ ייִדנס
שטובֿ. וואָס זאָל ער דאָ א'?“, ממוס, שלמה.
„זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אירע נאַרישע
ווערטער, נישט איבערטראַכטנדיק וואָס זי טוט“,
טמז, 3 .30 XI 1964. טראַכטן וועגן
פֿאַרשיידענע ענינים. „וואָס אַ מענטש קען א, אין
אַ נאַכט אָן שלאָף!“, רייד.
4. קומען צו אַן אויספֿיר און דערנאָך
פֿונדאָסנײַ טראַכטן וועגן אים (און אים בײַטן).
א, דעם ענין און אָנמערקן אַן אַנדער פּלאַן.
„האָב איך זיך אַ ביסל פֿאַרקלאַפּט דעם מוח,
איך זאָל ניט א'“, ממוס, שטורעמצײַט. „אונדז

מעג אָנשטיין...א, וואוהין דאָס קאָן פֿירן“, יג, טמז, 5 .14 1965 II. וואַקלען זיך. „ווי לאַנג ועסטו א'? שטייסטו צו צו אונדז אָדער ניט?„, רייד. „ער האָט עס מיט חשק געגאָסן, ניט איבּערצוטראַכטן דערבּײַ, טאָמער...דער האָניק וועט אים בּאָקאָם אויספֿאַלן“, ממוס, שלמה. „ער האָט איבּערגעטראַכט אַז די צופֿרידנקייט אַליין איז שוין אויך אַ הנאה און ווי יעדער הנאה — אַן עבֿירה“, בּערג, בּײַם דניעפּער I.

6. גוט דורכטראַכטן. „יעדן אײַנפֿאַל טוט ער וועגן, מעסטן, בּאַטראַכטן, א',„ אַל III. „פֿריִער לערנט ער, נאָכדעם טראַכט ער איבּער וואָס ער האָט געלערנט, ער נעמט אַרײַן אין אַ פּנימיות“, לדבּ, נ„י 1957. „איידער מיר גיבּן גוט אַ טראַכט אי'בּער די זאַך, זײַנען מיר נוטה צו מיינען...„, מוו, דער וועג צו ונדזער יוגנט.[

7. איבּעריק טראַכטן, מער ווי מע דאַרף. זיך ייִשובֿן מער ווי נייטיק און ניט קענען אָננעמען קיין בּאַשלוס. „און דער וואָס וויל זײַן אַ חכם און טראַכט פֿיל איבּער ווערט ער פֿאַרשוואַרצט פֿון דעם אָנהייבּ בּיזן אויסלאָז,„ נחבּ, 'מעשׂה בּחכם ותּם'. „פֿון די זאַכן וואָס געהער צו זהירות — איז דו זאָלסט

געוואָרנט זײַן ניט צו פֿיל א',,, חה. ,,אַ פֿאַרשוין װעלכער טראַכט איבער כּעני בפּתח, אפֿשר טרעפֿט ער אָן צו יענעם אין אַ שלעכטער שעה,,,

איבערטראַכטער

ממוס, 'דער חילוף'. ,,די קשיא איז נאָר, אויב ער איז געשטאָרבן? נאָר וואָס האָב איך דאָ אומזיסט צו א'?", עט, סערקעלע.

8. זאָרגן זיך, דאגהן. א, צי מע וועט האָבן פּרנסה. ,,וואָס דער מענטש קען אַלץ א, קעו דער גרעסטער שׂונא ניט אָנווינטשן", שוו. ,, אײַנגעשלאָפֿן און גאָרניט איבערגעטראַכט וואָס מאָרגן וועט זיך מיט איר טאָן", א. ב. רוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע 1865. 9. טראַכטן מיט אומרואיקייט, מיט שרעק; קלערן און זיך פֿאָרשטעלן אַז ס'איז געשען עפּעס שלעכטס. ,,דו דאַרפֿסט ניט א, אויף אַן אומגערעכטער סיבּה, אויף אַ פּלאָג וואָס קומט פֿון הולטײַעס אַרויס", מס, משלי תּקע,,ד, ג, 25. ,,ווייס איך ניט וואָס איך זאָל א', צי זענט איר נישט ח"ו נישט געזונט, אָדער איר האָט מײַן בריוול נישט דערהאַלטן", יפּ. ,,מע קלאַפּט אין טיר. אָנגעשראָקן זײַנען מיר שוין געווען, האָבן מיר

שוין ניט געקענט א, ווער עס קען זײַן דער
קלאַפּער,,, אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868.
,,ר אַבֿרהמס ניט־רואיק זײַן האָט אים נאָך

מער צעדרייט. ער...[האָט] ניט געוואוסט וואָס
איבערצוטראַכטן'', ממוס, ווינטשפּ. ,,די מאַמע,
זאָג איך, וועט דאָרטן א, מי יודע וואָס,,, ש,
ט יה.

10. פּאָרויסזען אַ מעגלעכקייט, מפקפּק זײַן.
,,מיר טראַכטן ניט איבער, טאָמער וועט ער
צושאַרן די קוילן, דאָס עסן זאָל זידן אום
שבּת'', תּקוני שבּת, איבז, אוסטרהא 1818.
,,מיר זײַנען די אַלע חבֿרה־לײַט ניט געוועו צום
האַרצן. איך האָב איבערגעטראַכט, צי זײַנען
זיי אפֿשר ניט פֿון יענע וואָס ווילן
פֿאַרבעסערן די וועלט'', ממוס, 'אַ גרויע האָר'. ,,אויך
דאַרף מען א, וועגן שטראָף ח''ו, ווען זײַנע
חבֿרים ווערן געציילט צו אַ מצווה־זאַך און
ער ציילט זיך ניט מיט זיי'', תּניא, קכה.
11. טראַכטן מיט חשד; חושד זײַן. ,,וואָס אַ
פֿרײַנד קען א, קען קיין צען שׂונאים ניט
קומען אויפֿן מוח'', שוו. ,,ווער שמועסט נאָך
אַ בעל־תּשובֿה איז ער דאָך אַוודאי אַ לײַט,
טאָ טאָר מען דאָך אויף אים געוויס ניט א''',

ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „ביסט טבֿיהס ווייַב שוין אַזאַ צײַט און קאָנסט אויף מיר א, אַזאַ מעשׂה?„, שע, טבֿיה. 12. האָבן ספֿקות, טראַכטן און זײַן אומזיכער. „דענסטמאָל איז מיר גאָרניט אײַנגעפֿאַלן אַפֿילו איבֿערצוטראַכטן אַז אין דער פֿירונג פֿון דער וועלט קען געמאָלט זײַן אַ פֿעלער“, ממוס, ספֿר הבהמות ▯

מיט ז י ך. ־עכ▯ן. ־עניש — „פֿאַר גרויס פֿאָרכט און א, האָבן די כלי־קודש זיך געכאַפּט און מקיים געווען אַלצדינג„, ממוס, אַ שטאָט אין מזרח'. „אַ געאָלאָגיזם קען

,

געבֿוירן ווערן גרינג...און אויך נאָך האַרבע ווייען, נאָך קאָפּדרייעניש, נאָך אַ סך א'ן און ייִשובֿ־הדעת“, ימ, ייִשפּ 3 ,) ▯II.

איבֿערטראַכטער — דער, (־ס). ווּנ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טראַכט איבֿער (אין אַלע בבֿ). „...דער איבֿערזינגער פֿון אַלע מאָטיוון, דער א, פֿון אַלע געדאַנקען„, קאָר I. „ער האָט אַרויסגעפֿירט אויף דער בינע אַ גרופּע ייִדן, איבֿערשמועסער און א, ווען די שווערע צײַטן“, ש. ביקל, טמז, 14 1954 III. ־ערײַ.

איבּערטראַכטעריש — אַדי. וואָס איז (ווי)
בּײַ (כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן
איבּערטראַכטער. ־קייט — „אַ מענטש פֿון
אַנטשלאָסענעם ווילן און נישט פֿון געדאַנקלעכער א'„,
ש. בּיקל, טמז, 27 ▯ 1965 III.
איבּערטראַכקען — ← איבּערטראַסקען.
~(גע)טראַלאַלײַקעט. פּפֿ. ־לייקע▯ע איבּער,

. .

איבּעראיבּערטראַלאַלײַקען — טרוו. ־

זינגען מיט די קלאַנגען טראַ־לאַ־לאַ. אויך סתּם
איבּערזינגען פֿריידיק, אָן זאָרג. א, דאָס
זעלבּיקע לידל גאָר אָן אַ סוף.
איבּערטראָמאַס(ק)ען, ־מאָס(ק)ען —
טרוו. ־▯(ק)ע איבּער, ~געטראָמאַס(ק)עט, ~
געטראָמאָס(ק)עט. איבּערשאָקלען,
איבּערטרייסלען. שאָקלען אַ לענגערע צײַט. א, דעם זאַק
מיט שטרוי.
איבּערטראָמבּען — טרוו. ־בּע איבּער, ~
געטראָמבּעט. פּד▯ 1. איבּערשפּילן אויף אַ
טראָמבּע, טרובּע. א, דעם מאַרש. 2.

איבערדערציילן אויף אַ שרײַאיקן אופֿן אַ נײַס, אַ רכילות. א, די ווילדע מעשׂה אַז אַלע זאָלן הערן.

איבערטראָמפּייט(ער)ן — טרוו. ־פּייט(ע) איבער, ~געטראָמפּיי(טער)ט. 1. איבערשפּילן אויף אַ טראָמפּייט. 2. דזוו איבערטראָמבען, בּ2.

איבערטראַמפּלען — טרוו. ־פּל איבער, ~ געטראַמפּלט. 1. איבערשפּרײַזן, איבערטרעטן מיט שווערע פּיס. א, מיט שטיוול ליים, אַ ליימיקן וועג. 2. אָנטאָן שאָדן מיטן טראַמפּלען. א, בּייטן מיט שפּראָצלעך. ־עניש.

איבערטראָנטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~געטראָנטשעט. פּד. איבערקלאַפּן. איבערשטויסן. א, בּעטגעוואַנט. א, אַ טעפּעך.

איבערטראַנספּאָרטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)טראַנספּאָרטירט. 1. אַריבּערפֿירן אַ משׂא פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן. א, די פּליטים פֿון דער שיף אין די פֿראַכטוואַגאָנען. א, מיט אַ שיף תּבֿואה און מאַשינען. וואוילּיונגעריש. א, אויף יענער־וועלט. 2. אַריבּער בּרענגען, אַריבּערפֿירן. א אַ טייל בּאַפֿעלקערונג

,

אין אַ ווײַטער געגנט. „דער בּעל־מופֿת...האָט די קראַפֿט אויסצוקלאַפּן טויזנטער קעשענעס

און א, אַלץ וואָס אין זיי געפֿינט זיך“, דער
לאַנד־חכם, נ״י 1894. 3. איבּערשיקן. א,
בּריוו. „אַמעריקע האָט פֿײַנט אַלטע מענטשן,
זי...לאָזט זיי ניט אַלט ווערן — זי
טראַנספּאָרטירט זיי איבּער וואָס גיכער“, ח. יי. יאַכנוק,
יִן אַמעריקע, וואַרשע 1894. 4.
אַריבּערשטופּן. „די פֿאַלאָפּיע־רערלעך כאַפּן אויף דאָס
אייעלע און דורך זייער קאַנאַל ווערט עס
איבּערטראַנספּאָרטירט אין חלל פֿון דער
געבּערמוטער“, פֿגעז, ווילנע 5 .4 1937, No. (
בּוכפֿירונג) אַריבּערטראָגן אַ קאָנטע, אַ פּאָסטן.
א, פֿון טאָגבּוך אין הויפּטבּוך. מיט ז י ך
— „...ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן זײַנע פּעטש
און שטעקנס, האָט זי זיך
איבּערטראַנספּאָרטירט אין אַ בּעסערער וועלט“, שמ״ר,
הימל
און ערד און שווינדל, ווילנע 1889. ־ונג.
־ער.

איבּערטראַנסקריבּירן — טרזו. ־בּיר איבּער,
~טראַנסקריבּירט. איבּערשרײַבּן מיט אותיות
פֿון אַן אַנדער אַלף־בּית, אַ־בּע־צע, געוויינלעך

מיט לאַטײַנישן שריפֿט. "דעם נאָמען ווינער
איז ניט נייטיק איבערצוטראַנסקריבירן
פֿונדאָסנײַ, ווײַל ער האָט שוין אַן אײַנגעשטעלטן
אופֿן אויסלייגן אויף...,,, אאר, ייִשפּ II .
איבערטראָ(נ)צלען — טרוו. ־צל איבער,
~געטראָ(נ)צלט. איבערשטײַגן מיט
אויספּוצעכץ, מיט שיינע בגדים, צירונג. ,,זי האָט
נאָר געוואָלט א, אַלע אירע חבֿרטאָרינס", רייד.
־עניש.
איבערטראַסקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געטראַסקעט. 1. איבערקלאַפּן. צעברעכן מיט אַ
געהילך. א, אַלע גלעזער. א, די ביינער. 2. מיט
אַ קלאַפּערײַ עפּעס ווידער אַרויסברענגען,
אַרויסזאָגן, אויסשפּילן אע. א, דעם מיליטערישן
מאַרש. א, דעם זעלביקן באַפֿעל. 3. אוטוו.
אַ סך, אַ לענגערע צײַט טראַסקען. א, און
פֿאַרדולן דעם קאָפּ.
איבערטראָפּן — טרוו. טראָפּ(ן) איבער, ~
געטראָפּ(נ)ט. דזוו איבערטריפֿן, טרוו. א,
וואַלעריאַן אין אַ גלאָז ־ונג.

.

איבערטראָ'פֿן — פֿאַר איבערטרע'פֿן ←.
דטשמ. נר. ,,א אַלע אירע פֿאָרשטעלונגען",

,

אמד, דער פּלעט אויף שבת, ווילנע 1872.

איבּערטרוימען — אוטוו & טרוו. טרוים איבּער, ~געטרוימט. 1. טרוימען וועגן דער זעלבּיקער זאַך נאָכאַמאָל, אַ סך מאָל. כּסדר א, צו ווערן בּאַרימט. א, וועגן דער פֿאַרלאָרענער בּת־מלכּה. א, דעם זעלבּיקן טרוים. 2. טרוימען אַ לענגערע צײַט, וועגן פֿאַרשיידנס. לעבּן אין וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע און א, טויזנטער טרוימען.

איבּערטרויערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~ געטרויערט. טרויערן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, יאָרן־לאַנג אויפֿן טויט פֿון אַ נאָענטן מענטשן.

איבּערטרומײַטערן — ← איבּערטראָמפּייטן.

איבּערטרומסן — טרוו. טרומף איבּער, ~ געטרומפֿט. (קאָרטנשפּיל) שלאָגן אַ קאָרט מיט אַ טרומף. א אַ טויז מיט אַ צווייטעלע (טרומף).

,

איבּערטרוקן — אַדי. זייער טרוקן. טריקענער ווי מע דאַרף. „דאָס האָלץ איז שוין א', הייץ שוין אײַן דעם אויוון“.

-

איבערטריאומסירן — אוטוו. ־פֿיר איבער,
~טריאומפֿירט. טריאומפֿירן אויף אַן
איבעריק התלהבֿותדיקן אופֿן אָדער אַ לענגערע צײַט.
ממש פֿאַרשיכּורטע פֿון נצחון, האָבן זיי
איבערטריאומפֿירט אַ גאַנצע וואָך.

איבערטריי'בן — אַדי, פֿאַר איבערטרײַ'בן.
דטשמ. אָפֿט געניצט. נר. ← איבערגעטריבן.
וואָס איז גוזמאדיק, שאַרזשירט. א'ענע שבֿחים.
,,גאָר איין א'ענער חסיד'', עקיבֿא יוסף
שלעזינגער, עמוד היראה, קאַשוי 1866. ,,די לערע
פֿון די מיקראָבן אין דער אַרט ווי זי ווערט
איצט א''', דר, בּ. ליבער, ווער איז שולדיק
אין אונדזערע קראנקייטן?, נ"י 1911. ,,אין
דער אייגענער צײַט האָט ער געהאַט אַן א'ענע

איבערטרײַבן

ליבע צום לעבן,,, קאָר I. ,,זייער עלעגאַנט, א,
עלעגאַנט האָט ער געפּרוּווט אָננעמען איר
האַנט?, בּ. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. ,,דער
הינדו האָט אַן א'ענעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ,,,
ש. איזבאַן, טמז, 21 1965 I.

איבערטריט — דער. מצ נבֿ. אַקט פֿון איבער

טרעטן ▯..). „פֿאַר דעם מינדסטן א, קעגן דער רעגירונג פֿאַרברענט מען דעם ייִדן...אויף אַ שײַטערהויפֿן", קמ, 45 1866, No.

אי'בערטרײַבונג — די, ־ען. [איבערטרײַ־בונג, דטשמ נר.] פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערטרײַבן (אין אַלע בבֿ). גוזמא. „[זײַנע] פּעליעטאָנען זײַנען כּמעט אַלע געמאַכט אויף איין מאָס — די מאָס פֿון איראָנישער אָדער סאַרקאַסטישער א'", שנ, קריטיק און קריטיקער. „אָבער אַפֿילו אין דער א, איז דאָ דער קערן פֿון אמת, וואָס די ייִדישע געשיכטע קען ניט פֿאַרלייקענען", קאָר II. „בײַ זײַן גאַנצער קינסטלערישער עכטקייט איז דאָ אין בוך אַ סך א',„ בֿ. שעפֿנער, פֿאָר, 6 1965 III. [פֿון די ציטאַטן איז ניט קלאָר וואָסער פֿאָרעם מע האָט געניצט.]

אי'בערטרײַביק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען איבערטרײַבן (ספּעצ בבֿ 5־6). א'ע גאָלדענע חפֿצים. ־יקייט.

אי'בערטרײַבן — טרוו. טרײַב איבער, ~ געטריבן. 1. טרײַבן, צווינגען צו לויפֿן צו פֿיל אָדער צו גיך, איבער די כּוחות. א, די זעלנערס ביז מידקייט. א, דאָס פֿערד (אין רײַטן, אין געשפּאַן) עס זאָל אַזש אַוועקפֿאַלן.

ם t אין מלל פֿאַרטײַטשן: ,ודפֿקום יום אחד, (בּראשית, לג, 13): ,,איבּר טריבּן" [אַרכ].

2. טרײַבּן פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן. א, די בהמות פֿון דער פֿאַשע אין די שטאַלן אַרײַן. 3. איבּערפֿירן אויף אַן אַנדער מערכה, אויף אַן אַנדער אויסהאַלט. בּײַטן דעם רעזשים (פֿאַר געפֿאַנגענע, אַרעסטירטע אאַ וואָס געפֿינען זיך אונטער עמעצנס מאַכט). א, די לאָגערניקעס אויף בּרויט מיט וואַסער. ,,ער האָט אונדז אַלעמען איבּערגעטריבּן אויף הרעטשקע,,, שע, כּתרילעווקער פּראָגרעס [ווי מע וואָלט געוועוען פֿערד וואָס אַנשטאָט צו קריגן האָבּער — קריגן זיי גרעטשקע].

4. מגזם זײַן, אויפֿבּלאָזן. א, די שבֿחים. א, מ י ט שבֿחים. א, מ י ט קריטיק. "דער שטייגער איז פֿון דער וועלט איבּערצוטרײַבּן (גרעסער מאַכן) יעדע נײַאיקייט", אמד, דער הירקאַן, ווילנע 1877. "בּיעלינסקי האָט איבּער געטריבּן די בּאַדײַטונג פֿון אַלע פּושקינס הויפּטווערק", שנ, קריטיק און קריטיקער. ,,קיינער האָט ניט ליב בּפֿרהסיא איבּערצוטרײַבּן זײַנע... אַ פֿאַרלעגנהייט", גרינ, בּלעטלעך פֿון אַ טאָגבּוך. ,,מע דאַרף ניט א, די מיליטערישע מאַכט פֿון ישׂראל, אָבּער מע טאָר זי אויך ניט

אונטערשאַצן", בצג, טמז, 4 X 1964.
5. איבערבּרענען, דיסטילירן אַלקאָהאָל
נאָכאַמאָל. א, דעם גאַנצן בּראָנפֿן פֿון קעסל (כּדי
אויסאַרבּעטן אַ העכערן גראַד שטאַרקייט).
6. איבּערשמעלצן. א, מינץ אויף זילבּער,
גאָלדענע צירונג אויף גאָלד.

איבּערטרײַבּן

מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש — „פֿאַר דער
פֿאַלשקייט און א, בלײַבּט ניט קיין פּלאַץ„,
מ. ריבקין, דער ווערליזשער בלוט־בּלבּול,
ווילנע 1914.
איבּערטרײַ'בּן — טרוו. איבּערטרײַ'בּ, ~טרײַ־
בּן. דטשמ. נר. דזוו אי'בּערטרײַבּן, בּ4. „
אונדזער אָריענטאַלישע אייגנשאַפֿט אַלץ צו א,",
משה קליינמאַן, יודישער קאַלענדאַר לשנת
תּרס"ט, לעמבּערג 1908. „ער לאַכט אויס דאָס
אַלטע ייִדישע לעבּן, ער איבּערטרײַבּט כּדי צו
פֿאַרמיאוסן די ייִדישע פֿאַרגאַנגענהייט", מוק,
טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. „זײַנע
נאָכפֿאָלגער — ווער זײַנען זיי? ער איז צו רעאַליסטיש
אַז ער זאָל זיך דערלויבּן צו א, זייער צאָל",
גדין, מענטשן און ווערטן.

איבערטרײַבעווּדיק — אַדי. וואָס מע קען איבערטרײַבן. ספּעצ וואָס לאָזט זיך מגזם זײַן. פֿרגל איבערטרײַביק.

אי'בערטרײַבער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טרײַבט איבער, ספּעצ בעל־מגזם. אַן אָקסן־א'. „דער פּלפּול פֿאַרקרימט זיי דעם שׂכל, ער מאַכט זיי פֿאַר גרויסע באַרימערס און א'[ס]„, ממוס, קליאַטשע. „ער איז געווען — ווי יעדער שרײַבער — אַ ביסל אַן א'", בונעם העלער. ־ערײַ. ־יש — אַדי. א'ע לויבגעזאַנגען. ־ישקייט.

איבערטרייבערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געטרייבערט. אויסטרייבערן (←) נאָכאַמאָל, אַנדערש, בעסער. א, דעם זאָדיק.

איבערטרייסלען — טרוו. ־סל איבער, ~ געטרייסלט. 1. נאָכאַמאָל טרייסלען, שאָקלען, באַוועגן (מיט עפּעס) הין און הער. א, די קאַפּאָטע, די קאָלדרע בײַם אויסשטויבן. 2. טרייסלען אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט. א, די פֿרוכטביימער, די צײַטיקע פּירות זאָלן אַראָפּפֿאַלן. א, דעם לולבֿ. *א, די ביינער = זיי אָנברעכן. 3. דזוו דורכטרייסלען. „זײַט אַראָפּ די וואַסער, טרייסלט איבער די קאַרטאָפֿל מיט פּוטער און סעלערי־זאַלץ", מישולאָוו, וועגעט,

קאָכבוך, נ"י 1926. (איבערטומלען און) א, אַ וועלט — איר וועגן אַ טומלער, אַ כלומרשטן אויפֿטוער.

4. טרייסלען בײַם אַרומזוכן, בײַם נישטערן (כּדי עפּעס צו געפֿינען). א, די גאַנצע שטוב. „געגאַנגען...צו דער ייִדענעס קעסטל...זיי האָבן איבערגעטרייסלט און...געפֿונען, אויסער תּחינות, אַ מעבֿר־יבּוק, אַ גאַרניטער תּכריכים מיט אַ זעקעלע ארץ־ישׂראל־ערד", יעקבֿ־מאיר ליפֿשיץ, אַ וואָלוועלער ביסן, ווילנע 1892. "ער נעמט שאַרן, קלאַפּן, אויסטרייסלען, א, אַלע קעשענעס — ניטאָ קיין שוועבעלעך", א שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 5 .1 l962, No. פֿיג. איבערקוקן אַ צאָל דאָקומענטן, ביכער; נאָכזוכן אין שריפֿטלעכע מקורים. „אַזוינער כאַפּט זיך ניט מיט זײַנע חידושים...ביז ער האָט איבערגעטאַפּט, איבערגעטרייסלט...טאָמער וועט ער געפֿינען אַ זאַך וואָס זאָל אים פּאַסן צום ענין„, ממו , „בישיבֿה של מטה„.

איבערטרייסלען זיך — ← דפֿוו. 1.

צאַפּלען זיך, באַוועגן זיך הין און הער.

זיך א, פֿון שרעק (קעלט). 2. זיך
איבערוועקן. „ער האָט זיך איבערגעטרייסלט, געעפֿנט ברייט זײַנע בלויע אויגן...און זיך פֿונאַנדערגעגענעצט“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערדגנבֿ ־עניש.

.

איבערטרינקען — טרוו. טרינק איבער, ~ געטרונקען. 1. נאָכאַמאָל אָנטרינקען, אָנטרענקען, אָנפּאָיען אַ בהמה. א, די פֿערד מע זאָל זיך ניט דאַרפֿן אָפּשטעלן אין וועג. 2. געבן עמעצן צו טרינקען אַ סך, צו פֿיל, ספּעצ שאַרפֿע משקאות. א, דעם מחותּן ער זאָל ניט וויסן וואו ער איז אין דער וועלט. 3. טרינקען פֿאַרשיידענע געטראַנקען. א, ביר און ווײַן און בראַנפֿן אויך. 4. דזוו איבערטרענקען.
איבערטרינקען זיך — ← דפֿוו. טרינקען איבער דער מאָס. זיך אָנשיכּורן. „טרינקט דען בעכר ווײַן אונ, איבר טרינקט אײַך אונ, שפּײַט אוישׂ גלײַך אַז איינר דר צו פֿיל טרינקט ביז דשׂ ער מקיא איז„, סהמ, ירמיה, כה, 27. „ווען איינער האָט זיך איבערגעטרונקען מאָג מען אים שמירן זײַנע הענט און פֿיס מיט אייל אָדער מיט זאַלץ אום שבת„, לט2, ע/ב. „איינער וואָס איז שוין אײַנגעוואוינט

זיך עפּטערס צו א'..., דער מוז אויף זיך אַסרן
אַ צײַט גאָר קיין שום משקים צו טרינקען,,,
ר, יצחק האַמבּורגער איבּז, יח יצחק, קראָקע
1882. ,,און וויל זיך פֿלײַסן אַז ער זאָל זיך
אַ בּיסל א',,, ש. בּעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1886.
־עכן. ־עניש.

איבּערטריסן — טריף איבּער, ~געטריפֿט.
אוטוו — אַריבּעררינען טראָפּנווײַז. דאָס
וואַסער וועט א, פֿון דער פֿולער כּלי. טרוו —
מאַכן טריפֿן אַ פֿליסיקייט פֿון איין כּלי אין
אַ צווייטער, אָדער אויף עפּעס. א, די בּיטערע
רפֿואה אויף אַ שטיקל צוקער ־עכץ ־עניש.
. .
איבּערטריקענען — טרוו. ־קן איבּער, ~
געטריקנט. 1. מאַכן עס זאָל ווערן טרוקן אַ
צאָל. א, אַלע העמדער אין איין שעה. 2. מאַכן
צו טרוקן. לאָזן א, די המוציאס בּרויט. א,
די בּייטן, זיי ניט בּאַוואַסערן.
איבּערטרעגלעך — אַדי. 1. דזוו
איבּערטראָגלעך. 2. וואָס מע קען פֿאַרטראָגן,

איבערהאַלטן. „מענטשן קאָנען לאַנג לעבן אָן עסן, און פֿרויען זענען מער א, פֿון מאַנספּערזאָנען.„, י. ראַווינסקי איבז, דער פֿאַלשער שולדבּריעף, וואַרשע 1885. ־קייט.

איבּערטרעגער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טראָגט איבּער. דער א, פֿון דעם בּריוו. „די לויז איז דער א, פֿון צוויי געפֿערלעכע אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן“, פֿגעז, ווילנע 1926, No 17. ־ערײַ.

איבּערטרעטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערטרעטן. פֿאַרזינדיקונג. עבֿירה. דאָס בּרעכן אַ געזעץ. די קלענסטע א, פֿון מאָראַלישן געזעץ. “און, איר זײַט אבּר פֿול...מיט זינדן און, פֿר שולדיקונג און, איבּר טרעטונג“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „וואָס בּאַדײַטעט אַזוי אַן אומשעדלעכע א, פֿון אַזוי אַ שוואַך געזעץ“, אמד, דער גואל, ווילנע 1866. [ניצן אי'בּערטרעטונג, ניט איבּערטרע'טונג.]

איבּערטרעטן

אי'בּערטרעטן — טרוו. טרעט איבּער, ~ געטראָטן, ~געטרעטן. 1. אויף אוטוו. גיין, שפּאַנען, טרעטן איבּער (אויף) עפּעס. א, דעם זעלבּיקן וועג. א, (איבּער) דעם בּלומענבּייט.

,,דערגלײַכן איז אַ סכּנה אַן אשה מעוברת
זאָל א, איבּער נעגל“, דבֿרי חכמים, [לבֿובֿ,
יאָר?]. 2. טרעטן אַ צאָל מאָל, אַ לענגערע
צײַט. א אַלע גאַסן פֿון שטעטל, אַלע
סטעזש,
קעס פֿון פּאַרק. 3. ווידער, נאָכאַמאָל, אַ צאָל
מאָל טרעטן אויף עפּעס בײַם טאָן אַן אַרבּעט.
א, ווײַנטרויבּן. א, ליים אויף ציגל.
4. אַריבּערשפּאַנען, אַריבּערגיין (איבּער) אַ
שטערונג, אַן אָפּצאַמונג, אַ ספּעצ אָנגעמערקטע
ליניע. א, די לוזשע. *א, די (עמעצנס) ש ו ו ע ל
= אַרײַנקומען צו עמעצן. קיינער טרעט די
שוועל ניט איבּער = קיינער קומט ניט אַרײַן.
,,עס וויל קיין קונה די שוועל ניט א'!“, פּרץ,
נעילה,. ,,ווערסט דאָך מוזן צו די גוטע ייִדן,
בּעטן, אָבּער די שוועל ווערסטו נישט קענען
א',,, טעיאָטאָר. ,,נישקשה, מע מעג א, אַמאָל
אַ שוועל, מען איז דאָך כּמעט שכנים“, י. יאָפֿע,
אין קעסלגרובּ, מאָסקווע 1929. *א, די (דעם)
ג ר ע נ ע ץ = אַריבּערפֿאָרן (אַריבּערגיין) אין
אַן אַנדער לאַנד. ,,חתונה...[איז] וו אַ גרענעץ
י
צווישן צוויי לענדער, קוים טרעט מען זי
איבּער, געפֿינט מען זיך גאָר אין אַן אַנדער

מדינה“, אַמנריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895.
„לאָז א, מיך די בּריק צו דײַנע בּרייטע
ספֿערן“, יהואָש, 'בּײַם טויער פֿון לעבּן'.
5. אַריבּערגיין צו אַ העכערער מדרגה,
שטאַפּל. א, פֿון אַרבּעטער־קלאַס צום
קליינבּירגערטום. א, אין אַ העכערער שול. א, צו פֿײַנערע
מידות. „בּאַלד נאָך די עקזאַמענס, אַז ראָזעס
שילערינס זײַנען אויך איבּערגעטרעטן אין דעם
העכערן קלאַס...„, ש. ל. גרינפֿעלד, די ארמע
געבּילדעטע, ווילנע 1896.
6. עובֿר זײַן אויף אַ דין אָדער בּרעכן אַ
געזעץ. טאָן עפּעס וואָס איז ניט לויטן מנהג
אָדער וואָס איז ניט אָנגענומען אין דער
געזעלשאַפֿט. זיך פֿאַרזינדיקן קעגן עפּעס. א,
די (דעם) ג ר ע נ ע ץ פֿון אָנשטענדיקייט. א,
אַן אומגערעכט געזעץ. „יום שבּת אונ דיא
הייליגי תּורה, ווער דיא צווייא גיזעץ טוט
ניט איבּר טרעטין...דער דאַרף פֿר ניקשׂ הבּין
מורא“, □ה I II, פֿיורדא תּפּ“ז. „און זיי זאָלן
פֿון דײַנע ליבּע הייליקע מצוות ניט א, דאָס
גרינגסטע“, תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858. [
איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798]. „ווען אַ מענטש
שטייט פֿאַר דעם קעניג, וועט ער געוויס
אָפּהיטן יעדן טריט, ער זאָל דעם קעניגס געזעץ

ניט א,“, חא, ד/א. “דאַרף מען לא תשׂא, לא תענה א'“, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן 1894. ,,האָבּן זיי ניט איבּערגעטרעטן קעגן...אויבּער קייט“, 'הודעה על פּי פּקודת הקיסר יר“ה לעדת יהודים דגובּערניעס ווילנא והוראדנא ואָבּלאַסט בּיאַליסטאָק', ווילנע 1812, בּרוך רידזיונסקי איבּז פֿון ווילנער קהל. ,,ניט איבּערגעטראָטן קיין מינדסטן דין פֿון די אַלע דינים וואָס זײַנען שייך צו דער יִדענע“, שע, יִדישע ראָמאַנען.

איבּערטרעט, דער. ־עכץ. ־עניש.

איבּערטרעטן

איבּערטרע'טן — טרוו. איבּערטרע'ט, ~טרע'־טן. אַדכ. איצט דטשמ, נר. דזוו אי'בּערטרעטן, בּ6. מלל פֿאַרטײַטשט: 'לעבֿור בּריתו, (דבֿרים, יז, 2) — “איבּר טרעטן“ [תּי: ,, איבּערצוטרעטן“]. ,,נאָר גאָטשׂ גיבּאָט ניט צו איבּר טרעטן,

דאשׂ טו איך דאָך פֿון גאָטשׂ וועגן בּעטן,,, עיון, טו/א. ,,אוב ישׂראל שון גאַנץ עשׂרת הדבּרות זאָלטן האבּן איבּר טרעטן, אַזו גידענק אירן פֿאטר אַבֿרהם“, ר, יעקבֿ בּר, יצחק סג“ל, קהלת יעקבֿ, פּראָג 1763. ,,ווען איינר איין זאַך

גבּאָטן איזט איהם דער יצר־הרע אַן רייצט
זולכשׂ איבּר טרעטן, אַזו איז דער שׂכר גרעשׂר
ווער דען יצר־הרע ניט פֿאָלגט,,, ר, יוסף
דאַרמשטאַדט איבּז, תּורת משה, קאַרלסרוא
1770. ,,איך טו זאָרגן און בּעטן פֿאַר די
עבֿירות די איך האָבּ א',,, משל הקדמוני,
אוסטרהא 1808. ,,און דער וואָס וויל דווקא
פֿאַרזאָרגן גאָט, דער איבּערטרעט זײַן הייליק
געבּאָט,,, עט, לידער.
אי'בּערטרעטער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס טרעט איבּער, ספּעצ אי'
בּערטרעטן, בּ6. ווער עס איז עובֿר אויף אַ דין,
בּרעכט אַ געזעץ. ,,דען איבּר טרעטר וועךן
הקצינים ניכט אַליינד בּקנס...בּליגן, זונדרן אויך
מיט תּפֿיסה ובֿיושים צו בּשטראפֿן ווישׂן,,,
'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', 1767 [ייִבּל
I]. ,,דען דער איינר דר עשׂ [אַכילת־ד□] גטאן
האָט דר איז איין איבּר טרעטר,,, שאַר. ,,עס
גיבּט אויך מאַנכע איסורים די נאָר דער א,
אויף איין מצוות־עשׂה עובֿר איז“, ר, הילל
ליכטנשטיין, עת לע□ות II, סאַטמאַר תּרל,,ב.
[אין די ציטאַטן אַפּנים — איבּערטרע'טע□].
איבּערטרעני'רן — טרוו. ־ניר איבּער, ~(גע)־

טרענירט. (אויס)טרענירן, בעסער אָדער אויף
אַן אַנדער שטייגער. א אַ הונט. א, די
זעל,
נערס. ־ונג.
איבערטרענען — טרוו. טרען איבער, ~
געטרענט. 1. צערײַסן, איבעררײַסן וואָס איז
פֿאַרנייט. א, איין אַרבל וואָס איז ניט גוט
אַרײַנגעניט. 2. וואול. האָבן סעקסועלן פֿאַרקער
מיט איין פֿרוי נאָכאַמאָל אָדער מיט אַ צאָל
פֿרויען ־ונג —עכן ־עניש.
. . .
איבערטרענקען — טרוו. טרענק איבער,
~געטרענקט. דערטרענקען, דערטרינקען אַ
צאָל. א, אַלע קעצלעך. פֿרגל איבערטרינקען.
איבערטרעסען — טרוו. ־סע איבער, ~
געטרעסעט. סל. וורר. אוקר. איבערטרייסלען.
א אַלע קאָלדרעס, זעק.
,
אי'בערטרעפֿן — טרוו. טרעף איבער, ~
געטראָפֿן. 1. טרעפֿן, באָגעגענען אַ צאָל. „
ווען איך האָב אַלץ איבערגעטראָפֿן אויפֿן
יאַריד!“. אויך מיט ז י ך. א, זיך מיט
פֿאַרשיידענע מענטשן. 2. ריכטיק טרעפֿן אַ צאָל
מאָל. א, דעם אמת. א, אַלע רעטענישן. א,

בײַם (אויס)לייגן קאָרטן. א, בײַם פֿאָרויסזאָגן וואָס עס וועט זײַן.

3. איבערשטײַגן. זײַן בעסער, האָבן אַ מעלה לגבי אַן אַנדער זאַך (מענטשן). פּרוּוו צו פֿאַרייִדישן דטשמ איבערטרע'פֿן. בײַ ממוס: „אָט האָסטו צוויי טעמים און דער דריטער טעם

947

טרעפֿט איבער אַלע אַנדערע„, ווינטשפֿ; “די לעצטע צרה מײַנע טרעפֿט איבער אַלע מײַנע פֿרייִערדיקע צרות אינאיינעם“, ,חג האָסיף'. [דער פּרוּוו איז האַמעטנע ווען עס קומט צו ז י ך. „דאָס מאָל האָט סיראָטאַ זיך אַליין איבערגעטראָפֿן„, ש. וויגאָדאַ פֿאָר, 9 1962 XII.

,

„איצט האָט סיריע זיך אַליין איבערגעטראָפֿן אין אירע גרענעץ־אָנפֿאַלן, טמז, 16 1964 XI.]

איבערטרע'פֿן — טרוו. איבערטרע'ף (), ~טראָ'פֿן. אַרכ. איצט דטשמ. נר.

איבערשטײַגן עמעצן, איבערוועגן עפּעס, פֿאַרטונקלען, שטעלן אין שאָטן. זײַן בעסער, האָבן מער מעלות, מער חשיבֿות. „דער דריטי אַלטי ערצילט...זײַני גשיכטי...דיא צווייא פֿאָריגי...זער

ווײַט איבּר טראָפֿן האָט,,, מראות הצובֿאות,
וואַנדזבעק 1718. ,,ווען אבּר זײַן פֿרשטאַנד זײַן
רידן איבּר טרעפֿין, בּלײַבּן זײַנה ריד אַלי
מאָל אין זײַן גיוואַלט,,, ספֿר מבֿחר הפּנינים,
הומבּורג תּצ,,ט. ״ובפֿרט אַלס ייִד וועט ער
ניט אַנדערש קומען צו אַ גרויסן נאָמען,
נאָר אַז ער וועט א, אַלע אַנדערע
קאָמפּאָניסטן,,, קו״ו, 31 1864, No. ,,וועט די צוקונפֿט
אָנע צווייפֿל נאָד א, די פֿאַרגאַנגענהייט,,, בּ.
פֿײַגענבּויס, דיא גאולה, נ,,י 1893. ,,יענער
בּאַרימטער אויטאָר...האָט אָנגעשריבּן דרײַ
פּיעסן, וואָס האָבּן איבּערטראָפֿן אַלץ וואָס מע
האָט וועגן געזען אין דיזן לאַנד,,, שע,
בּלאָנדזענדע שטערן II [שע ניצט דאָס לשון פֿון
זײַנעם אַ פּאַרשוין].
אויך מיט ז י ך — איבּערשטײַגן זיך גופֿא.
ער האָט זיך אַליין איבּערטראָפֿן.
איבּערטרעשטשען — ־טשע איבּער, ~
געטרעשטשעט. וורר, אוקר. סל. אוטוו —
איבּערפּלאַצן מיט אַ קנאַק. איבּערטראַסקען. ״דאָס
וואַסער איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן און די
פֿלעשער האָבּן איבּערגעטרעשטשעט,,. טרוו —
איבּערהאַקן, איבּערקלאַפּן מיט אַ געהילך. א,
שײַטלעך האָלץ.

איבּערטשאָבּען — טרוו. ־בּע איבּער, ~ געטשאָבּעט. פּפֿ: ~שטשאָבּען. לר, וורר. 1. איבּערצירעווען. א, סקאַרפּעטן. 2. שלעכט, פּאַרטאַטשיש איבּערנייען. „געטשאָבּעט און איבּערגעטשאָבּעט, און עס טויג ערשט רעכט ניט„, רייד. ־עניש.

איבּערטשאַטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער, ~געטשאַטעוועט. אוקר. אַ לענגערע צײַט אָפּוואַרטן (פֿון אַ בּאַהעלטעניש) אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. לויערן און באַפּן. א, די ווײַסע־חבֿרהניקעס, זיי כאַפּן און אָנבּרעכן די בּיינער.

איבּערטשאַמקען, ~טשאָמקען — אוטוו & טרוו. ־קע איבּער, ~געטשאַמקעט, ~ געטשאָמקעט. איבּערקײַען און טשאַמקען דערבּײַ מיט די ליפּן.

איבּערטשאַרדזש(ע)ן — טרוו. ־דזש(ע) איבּער, ~געטשאַרדזש(ע)ט. אמ. overeha ▯ ge <. איבּערנעמען מער ווי עס איז דער געוויינלעכער אָדער געזעצלעכער פּרײַז. א, רענט (דירה־געלט) פֿאַרן אַפּאַרטמענט.

איבּערטשיסטען — טרוו. ־טע איבּער, ~ געטשיסטעט. וורר. אוקר. סל. רייניקן נאָכאַמאָל,

רייניקן אַ צאָל מאָל. א, אַלע צימערן. א, די בּיקסן.

איבּערטשיר(□)קען — טרוו. ־קע איבּער, ~געטשיר(י)קעט. אויך: ~טשירסשען.

טשיריקען העכער (בּעסע□) ווי אַן אַנדער פֿייגעלע. א, דעם קאַנאַריק.

איבּערטשל(י)אַפּען — טרוו & אוטוו. ־פּע איבּער, ~געטשל(י)אַפּעט. איבּערטאָפּטשען, איבּערבּראָד(ז)יען. א, (אין) אַלע בּלאָטעס.

איבּערטשעפּען — טרוו. ־פּע איבּער, ~ געטשעפּעט. אויף אַן אַנדער אופֿן צוטשעפּען, צופֿעסטיקן. א, די וואַגאָנען. א, דאָס בּלימל צום לאַץ. מיט ז י ך — טשעפּען זיו מיט אַ צאָל. א, זיך מיט אַלע יינגלעך אין חדר.

איבּערטשעקן — טרוו. ־טשעק איבּער, ~ געטשעקט. אַמ. איבּערקוקן, דורכקוקן נאָכאַמאָל. איבּערקאָנטראָלירן. א, דעם בּאַגאַזש. ,, איבּערלייענען אַלע רעצענזיעס, טשעקן און א'", נ. סווערדלין, טמז, 9 1959 III.

איבּעריאָג — דער, ־ן. אַקט פֿון איבּעריאָגן (אין אַלע בּבֿ). 2. ווערטלו□ף.

איבּעריאָגן — טרוו. יאָג איבּער, ~געיאָגט.

1. לויפֿן, רײַטן אָדער פֿאָרו גיכער ווי (אַן) אַנדערע(ר) און אָנקומען פֿריִער צו אַ באַשטימטן פּונקט. א, אַלעמען אין אַ וועטלויף. רײַטנדיק א, דעם פֿוסגייער אָדער אַן אַנדער רײַטער. „מע קען ניט א, (←. בבֿ 2־) אָן אַ פֿערד און אָן אַ וואָגן„, שוו [= מע קען ניט איבערשטײַגן עמעצן אָן די נייטיקע מיטלען דערצו]. „ער האָט אים געהייסן, ער זאָל תּיכּף פֿאָרן, טאָמער וועט ער קענען יענעם מלך א, כּדי ער זאָל פֿריִער קומען אַהין“, נחבֿ, 'מעשׂה מבערגיר והעני'.

2. זיך באַוועגן גיכער ווי עפּעס אַן אַנדער זאַך אָדער אַן אַנדער באַשעפֿעניש. *וועלן א, דעם אייגענעם שאָטן = זיך פֿאַרמעסטן אויף עפּעס וואָס איז אומדערגרייכלעך. *א, די ל בֿ נ ה = פּרוּוון (וועלן) דערגרייכן עפּעס אוממעגלעכס. „וואָס יאָגסטו זיך? וועסט א, די לבֿנה?„, רייד. די מעשׂה ווי דער שילדקראָט האָט איבערגעיאָגט דעם האָז. „מעריבֿ־צו געוואַנדערט האָט ער, איבעריאָגנדיק אין שנעלקייט... בופֿלאָקסן“, יהואָש איבֿז, הײַאַוואַטאַ. „עס קומט צום ...משופּעדיקן באַרג־אַראָפּ, דער וואָגן וויל א, דעם פֿערד...אָבער דער פֿערד שפּאַרט זיך אײַן מיט די הינטערשטע קאָפּיטעס און האַלט אײַן

דעם וואָגן,,, צ. נ. גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

3. איבּערשטײַגן אין קאָנקורענץ. א, אַלע קרעמערס מיט בּעסערע סחורות, מיט בּיליקערע פּרײַזן. ,,דעריאָגן און א, אַמעריקע — איז געווען אַ בּאַליבּטער סאָוועטישער לאָזונג,,, רייד. ,,ער האָט געזיגט, אָבּער בּאַלד זײַנען די בּאַזיגטע געקומען צו זיך און אים איבּערגעיאָגט,,, מנק, מײַנע בּאגעגענישן I. ‘‘דאָס הייסט אַמעריקע, דו מוזסט אַלעמאָל א, דעם אַנדערן,,, מ. דלוזשנאָווסקי, פּאַר, 1964 XI 15. ,,דער 'הצופֿה, וויל א, דעם 'הצפֿירה, און האָט זיך אײַנגעשפּאַנט מיטן 'השלוח, בּײַ איין דישל‘‘, דץ, געדאַנקען און אידייען.

איבּעריאַדען

4. איבּערשטײַגן מיט אַ פֿיזישן יתרון (ווערן שענער, וואוקסיקער אע). ,,אירע יונגע זאַפֿטיקע פֿיס, וואָס דאַרפֿן נאָך וואַקסן און א, מיט זייער שלאַנקייט די שענסטע מיידלשע פֿיס אין שטאָט,,, בּערג, בּײַם דניעפּער II. ,, דערנאָך האָט ער איר מקנא געווען, ווײַל זי האָט אים זייער גיך איבּערגעיאָגט אין וואוקס‘‘,

פּ. סיטאָ, אַט דאָס זײַנען מיר, קיִעוו 1932.

5. איבּערשטײַגן מיט אַ גײַסטיקער מעלה. א, אין לערנען. א, אין הטבֿת־המידות. „זיי וועט אַלע א, [אין לערנען] מאָניש, אונדזער העלד“, פּרק, 'מאָניש'. „די סאָוועטיש־ייִדישע בעלעטריסטיק הייבּט אָן איבּערצויאָגן די קריסיק, יענע איז נאָך אַלץ אָנגעפּלאָזן“, שנ, ייִדידישע שרײַבּער אין סאָוו, פֿאַרבּאַנד.

6. גרייכן מער. גובֿר זײַן, זײַן שטאַרקער. א, די אייגענע בּאַגערן. „ער האָט געוואָלט אויסדריקן נאָר דאָס וואָס ער האָט געקאָנט אויסדריקן. זײַן וועלן האָט ניט איבּערגעיאָגט זײַן קענען„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „ווען זיי ווילן א', איינס דעם צווייטן איבּערשטײַגן, ווי קיינער קען פֿאַרטראָגן, ווען דער 'פּירער, הייסט אים שווײַגן“, אַר, 'דער אָרקעסטער'. „(עבֿרו משׂכּיות לבּבֿ) זיא האבּן איבּר יאָגט דיא רשעים דאשׂ גלוסטונג פֿון איר הרץ, דהײַנו, מין [= מיין, מער] אַז זיא בּיגערן האבּן זיא“, סהמ, תּהלים, עג, 7.

7 פֿאַרלויפֿן צו ווײַט, בּאַגערן צו פֿיל און .

אָנווערן דאָס וואָס מע גאַרט צו דערגרייכן. „עס פֿלעגט מײַן האַרץ מיר אונטערזאָגן ווען

גיין צו איר און ווען נישט גיין. איך זאָל מײַן גליק נישט א', פֿאַרבּרענג איך אָפּט אַ טאָג אַליין,,, סעג, 'רעגינאַ'.

מיט ז י ך — 1. רעפֿל. ,,צי איז דער שווינדלדיקער רײַטער טויט, צי אַ פֿאַרכּישופֿטער ער יאָגט אַליין זיך איבּער?“, פּמ, מלחמה.

2. קזוו. זיד א, און פֿאַלן.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבּעריאַדען — טרוו. ־דע איבּער, ~געיאַדעט. אַ לענגערע צײַט יאַדען, דאָקוטשען. אַזוי לאַנג א, עמעצן אַז דאָס לעבּן ווערט אים ניט ניחא.

מיט ז י ו — קזוו.

איבּעריאָך — דער, ־ן. שווערער יאָך, וואָס איז איבּער די כּוחות. פֿאַלן אונטערן א,.

איבּעריאָלד — דער, ־ן. גרויסער יאָלד, וואָס עס איז גרינג אים אָפּצונאַרן. אויך: א'דעווען (דעם תּם, דעם שמעגעגע אע).

איבּעריאָמערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~ געיאָמערט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט יאָמערן, בּיטער קלאָגן מיט געוויין. א, אויפֿן חורבּן. א, גאַנצע נעכט. מיט ז י ך — אויפֿהערן יאָמערן.

איבּעריאָ'ר — אַדוו. דזוו איבּעראַיאָ'ר, אין אַ יאַר אַרום, מיט אַ יאָר שפּעטער. ,,איין (

בתקול) בּענשט, ווען ער דיא בּכּורים בּרענגט
און, זגט: דו זאָלשׂט (זוכה) זײַן איבּר יאַר
ווידר צו בּרענגן דײַן בּיכּורים“, טח, דבָרים,
כו, 16. „אם ירצה השם א, ווען מיר פּראַווען
דעם סדר אין ארץ־ישׂראל“, רייד.
אי'בּעדיאָר — דער, ־ן. עיבּור־יאָר, נאָר
אויסגעלייגט פֿאַרגרײַזט. אויף דעם סמך ווש:

948

„ווען האָט משה רבּינו געהאַט צײַט
אַרויסצופֿירן ייִדן פֿון מצרים אַז לויטן מדרש איז
ער געבּוירן געוואָרן און געשטאָרבּן אין דעם
זעלבּיקן טאָג?„ — „ס'איז געווען אַן א“ —
איז דער ענטפֿער. לאַכן איין מאָל אין אַ
מיטוואָך און דאָס נאָר אין אַן א, פֿון די
. „
פּיקאַנטסטע דוגמאות איז דאָס 'האָלענדישע,
וואָרט aa over. מיינען מיינט עס אונדזער
עיבּור־יאָר, אָבּער עיבּור אויף ייִדיש קלינגט
איבּער, און היות איבּער איז אויף האָלענדיש...
 ove אין יאָר aar , איז דערפֿון געוואָרן
אַ 'האָלענדיש, וואָרט, וואָס קיין ניט־ייִדישער

האָלענדער פֿאַרשטייט עס ניט,,, מוו, ייִשפּ XIII, 2־3.

איבעריאָרן — אוטוו. יאָר איבער, ~געיאָרט. בלייַבן, איבערזײַן אויף אַן אָרט במשך פֿון אַ יאָר צײַט. א, מיט אַן עקספּעדיציע אין דער אַרקטיק. „דער גרויסשטאָטישער לערער האָט מיט צרות איבערגעיאָרט אין שטעטל“.

איבעריובֿלען — [...יויוולען] אַקוזוו. יובֿל איבער, ~געיובֿלט. 1. אַ לענגערע צײַט, אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים יובֿלען. „ער האָט געיובֿלט און איבערגעיובֿלט זײַנע זיבעציק יאָר ביז ער איז געוואָרן פֿינף און זיבעציק,,, רייד.
2. אויפֿהערן יובֿלען. א', איבערטומלען זיך און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

איבעריויזלען זיך — דזוו איבערצלמען זיך.

איבעריוירן — יויר איבער, ~געיוירט. פּפֿ: ~יערן. אוטוו — יוירן מער ווי מע דאַרף, ווי עס איז גוט. דאָס טייג וועט א, און איבערלויפֿן. טרוו — מאַכן עס זאָל יוירן איבער דער מאָס. א, דעם ווײַן און אים זויער מאַכן. מיט ז י ך — פֿון זיך. „דער מעד האָט זיך איבערגעיוירט און עטלעכע פֿלעשער האָבן געפּלאַצט“. ־ונג.

איבעריום־טובֿן — ...יאָנטעוון] יום־טובֿ

איבער, ~געיום־טובֿט. אוטוו — בלײַבן, זײַן אויף אַן אָרט אין דער צײַט פֿון אַ יום־טובֿ. א, ביז נאָך סוכּות בײַ די עלטערן און דערנאָך אַוועקפֿאָרן אין ישיבֿה. טרוו — דזוו דורכיומטובֿן, אויסיום־טובֿן. א, חנוכּה מיט גרויס פֿאַראַד. מיט ז י ך — אויפֿהערן יום־טובֿן.

איבעריונקערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געיונקערט. נעאָל. איבערשטײַגן אַן אַנדערן אין אויפֿפֿירן זיך ווי אַ יונקער, אַ פּרײַסישער אָפֿיציר. „האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ יונקער פֿון דור דורות. נאָכמער: ער האָט די יונקערס איבערגעיונקערט“, צײַט, טמז, 27 XII 1957.

איבעריוקן — אוטוו. יוק איבער, ~געיוקט. לר. 1. יוקן, שמאַרצן, בײַסן אין אַ צאַל ערטער פֿון לײַב. א, איבערן גאַנצן רוקן, ווײַל מע האָט צו פֿיל זיך געבֿרענט אויף דער זון. 2. אויפֿהערן יוקן. באַשמיר מיט זאַלבֿ, וועט באַלד א'. ־עניש.

איבעריורידיש — אַדי. מער ווי יורידיש. אַזוינס איז טאַקע א', עס איז אָבער אַ מאָראַלישער חובֿ ־קייט.

.

איבעריהוסן זיך — [...ייִכעסן] אוטוו. יחוס

זיך איבער, זיך ~געיחוסט. אויך ~י הוסן

איבעריק

זיך. זיך יחוסן (מיט אַ צאָל), זיך אַרויסשטעלן מיטן אָפּשטאַם, מיט דער שיינער משפּחה. א, זיך מיט אייגענע זיידעס און מיט זײַן ווײַבס זיידעס.

איבעריהידיש — אַדי. וואָס איז מער ווי דער יחיד, וואָס איז גילטיק אויך מחוץ די אייגנשאַפֿטן אָדער דער בּאַגרענעצטקייט פֿון אַ יחיד. „דאָך איז שׂכל־הישר אַזוינס וואָס איז א, און גאָרניט אַזוי סובּיעקטיוו„, ימ, ייִבּל XXIII ־קייט.

.

איבעריד — דער, ־ן. ייִד וואָס איז העכער, ווערטיקער ווי סתּם אַ ייִד: ייִד פֿון אַ הויכער גײַסטיקער מדרגה. „איך וועל דיך מזכּיר זײַן בּײַם רבּין אַז זאָלסט אויסוואַקסן אַן א, און זאָלסט בּאַגערן צו לערנען“, אַש, תּהילימויִד.

איבערידישן — טרוו. ייִדיש איבּער, ~ געייִדישט. 1. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן

משפּיע זײַן, מע זאָל ווערן (אין אויפֿפֿיר, אין וועלטבאַנעם אָדער אין בײדע פּרטים) ייִד צי מער ווי ייִד. „מע האָט אײַנגעפֿירט 'תּודעה יהודית, אויף איבערצווייִדישן אַ דור תּלמידים„, רייד. 2. דזוו איבערמל(ע)ן (אַ ביסל איידעלער). ־ונג.

איבעריכלען — ◻...יאָכלען] יכל איבער, ~ געיכלט. לר. אַקוזוו — קענען פֿאַרשיידענע זאַכן. „ער האָט גאָלדענע הענט, ער שפּילט פּיאַנאָ, ער איז אַ גוטער ספּאָרטסמאַן — וואָס יכלט ער ניט אַלץ איבער!“, רייד. טרוו — (גוטמוטיק & וואויליונגעריש) איבערשטײַגן אין קענען. א, דעם מײַסטער.

איבעריללהן — [...יעלאָלען] אוטוו. יללה אי.. בער, ~געיללהט. (געניצט אָן דרך־ארץ, אָן רחמנות). אַ סך, אַ לענגערע צײַט יללהן, וויינען מיט אַ הויך געוויין, קלאָגן, יאָמערן. א, ווי אַ ייִדענע. א, אויפֿן טויט פֿון אַלטן טאַטן.

איבער ים — אַדוו. אַרכ. אויף יענער זײַט ים, מעבֿר לים. „דוא בישׂט גלײַך אַלז איין אַלמנה אונ, דײַן מאַן לעבט נאָך און איז איבר ים„, מבֿ, מעשׂה סח.

איבעריעטן — טרוו. יעט איבער, ~געיעט. אוקר. אויך: ~יעטען. נאָכאַמאָל, אויף אַן

אַנדער אופֿן יעטן, אויסרײַסן ווילדגראָז. א,
די בײטן.
איבעריענטשען — אוטוו. ־טשע איבער, ~
געיענטשעט. וורר. פּעיאָ. איבערזיפֿצן,
איבערקרעכצן.
איבעריענצן — טרוו. יענץ איבער, ~
געיענצט. וואול. נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל
יענצן. ← אויסיענצן.
איבעריק — אַדי & אַדוו. berie ⸗ :. ⸗ Mhd.
1. וואָס מע ק ע ן אויסקומען אָן דעם. ס'איז
אַן א'ע זאַך. א'ע טעלער אויפֿן טיש. ס'איז
א, צו דערציילן. האָבן א'ע געלט. א'ע מענטשן
בײַ אַן אַרבעט. האָסט אַן א, פּאַפּיראָסל? ״קענט
איר פֿאַרשטיין אַז [דאָס] איז אַ גרויסע שטאָט
און אחב״י ⸗ אחינו בני־ישׂראל] האָבן א, געלט״,
ייִפֿאָל, 45 1882, No. ״שלעכטע צײַטן זײַנען
די ווען דער אַרבעטער איז אַן א'ער מענטש
אויף דער וועלט,,, דיא ⸗ Iכירות, לעמבערג 1896.

איבעריק

,,מען איז אים [דעם אָרעמאַן] נוגש ביז ער
גיט אָפּ דאָס א'ע קלייד״, פּוקח עווריס, נ,,י

ת״ש. „דער אַזוי־גערופֿענער כלל ? .ז

פּרינציפּיעל א, און אומנוציק“, ימ, ?Iול־גראַמאָטיק, 1921. „בײַ גאָט איז ניטאָ קיין א'ער“, שוו.

„אַ פֿרעמדע קאַץ איז אויך א, אין שטוב“, שוו.

2. אומנוציק, אומניצלעך. מאַכן אַן א'ן גאַנג.

„א, ווי דבנו תּמס תּפֿילין“, פֿפּ. „בײַ אַ נאַר זײַנען די הענט און די צונג א'“, שוו.

„א', ד„ה דאָס וואָס איז איבער,...אַ מותרות, דאָס וואָס איז אומניצלעך„, קאָר I. „און נייג אַוועק פֿון צו ווען א'ע, אומניצלעכע וועלטלעכע זאַכן“, חה, ב, קצז.

3. וואָס מע ד אַ ר ף אויסקומען אָן דעם. א'ע הוצאות. „זומער איז דער בעסטער פּעלץ א'„, שוו. “אַן א, גלעזל ווײַן מאַכט שמערץ און פּײַן“, שוו פֿון אַן א'ן לעק משקה פּורים

„ ?

אָדער שמחת־תּורה שיט זיך פֿון מיר רייד ווי פֿון אַ לעכערדיקן זאַק„, ממוס פֿישקע.

,

פֿפּ צו די פֿריִערדיקע און ווײַטערדיקע בבֿ:

א, — ווי פֿאַר אַ טויטן באַנקעס, ווי אַ פֿ ? נפֿטע ראָד צום וואָגן, ווי אַ פֿינפֿטע וואַנט צו דער סוכּה; ווי אַן אתרוג אום פּסח, ווי אַ לולבֿ

אום פּורים אע. א, ווי אַ שטיין אין וועג,
ווי אַן אבֿן־נגף. א, ווי אַ לאָך אין קאָפּ, ווי
אַ לאָך אין ספּאָדיק. א, ווי אַן אבֿר המדולדל,
ווי אַ דריט(ע) אויג, ווי אַ זעקסטער פֿינגער,
ווי אַ פֿינפֿטער פֿוס צום (בײַם) הונט. א, ווי
האַרצווייטיק, צאָנווייטיק אע. א, ווי
קאָפּדרייעניש, ווי האַרצקלעמעניש אע. א, ווי אַ מכּה,
ווי אַ פּרישטש אויף אַ מכּה; א, ווי אַ מכּה,
עבֿרה וזעם. א, ווי אַן אָנשיקעניש, ווי אַ
בייז באַגעגעניש, ווי אַ משלחת, ווי אַ משלחת
מלאָכים רעים, ווי אַ פּגע־רע. א, ווי פֿאַר אַ
חזיר אַ קרענצל, פֿאַר אַ האָן אַ פּערל, ווי
פֿאַר אַן אָקס ייִן־צמוקים, ווי בײַ אַ הונט אַ
בוזעם־קעשענע. א, ווי פֿאַר אַ סריס אַ
יפֿהפֿיה, ווי בײַ אַ דעוואַטקע דער בוזעם. א, ווי
בײַ אַ קאָזאַק אַ שמירה (אַ קמיע) פֿון רבין,
ווי אַ קמיע בײַ אַ מומר־להכעיס. א, ווי אַ
צווייט מעסטל מן.

4. אומנייטיק. וואָס מע קען ד ע ר ו ו ײַ ל
אויסקומען אָן דעם. „ער רײַסט אויס די דינסט
פֿאַר אַן א, צענדליק אייער וואָס זי האָט
געקויפֿט“, שע, קינדערשפּיל. „איז עס א„
אומגעוואונטשן, אומנייטיק?„, ימ, קוד, 1938. „ר,
שלמהס ווייַב און טעכטער האָבן באַלד נאָכן

טיי טרינקען זיך געפֿילט א, אין דער
געזעלשאַפֿט פֿון מאַנסבילן וואָס רעדן דבֿרי־תּורה,,,
ממוס, שלמה. ,,אויב דו האַסט שוין יאָ אַן
א'ן רובל, גיי אַרײַן...צו אַ פֿאָטאָגראַף“, דטש,
ווילנע.

5. וואָס קען פֿאַרשאַטן. ,,וואָס צו (פֿיל) איז
א',,, פֿוול. *אַן א'ער זופּ = אַ טרונק בראַנפֿן
וואָס מאַכט שיכּור. ,,עס ליגט אויפֿן געוויסן
אַן א'ער פֿעטער ביסן“, שוו. (פֿרגל ב8). ,,אַן
א'ער ביסן קען פֿאַרשאַטן“, שוו.

6. וואָס בלײַבט איבער נאָכן ניצן. ,,אַז
מע קומט ניט צו דער צײַט, מוז מען עסן
וואָס א, בלײַבט“, שוו. ◌ּב פֿאַרטײַטשט 'יתר,
— ,,איבריג“. ,,און, אום שלאָג דר איבריג
אַן דען אום הנג דז גיצעלט, האלב די אום

הענג די איבריגן דו זאלשׂט אום שלאגו אויף
זײַטן דשׂ משכּן,,, טח, שמות, כו, 12. ,,
נאָכדעם אַז זיי האָבן אונטערגעלענט דאָס האַרץ,
האָט סענדערל אײַנגעוויקלט דאָס ביסל א'ע
שפּײַז צוריק אין טאָרבעלע“, ממוס, מסעות.
אויו סוב. ,,אַלע אומות עכּום...זײַנען ניט

גישפּײַזט גיוואָרין נײַארט פֿון...דאשׂ איבּריגה פֿון ישׂראל“, נצ1, בּמדבּר, לא/ד. 7. וואָס בּלײַבּט איבּער נאָכן פּאַרקויפֿן. ,,וואָס טוט מען נאָכן יריד מיט דער א'ער סחורה?“, רייד.

8. וואָס איז איבּער דער מאָס. א'ע גוטסקייט. האָבּן אַן א'ע קאָרט. *ער איז ניט פֿון די א'ע געבּערס = ניט קיין גרויסער נדבֿן.

,,דוא זאָלשׂט ניט איבּריג עשׂין נאָך ניט איבּריג טרינקן,,, לט1, א/ב. ,,דער בּן־אָדם זאָל איבּריגה זאָריג אַוועקשמײַסן און קיין בּיז אויף זיך בּעטן,,, עיון, יט/א. ,,האַלט דיך נישט פֿאַר אַן א'ן חכם, האָבּ דו נאָר יראת־שמים און היט דיך פֿאַר שלעכטס,,, מס, משלי, תּקע,,ד ג, 7. ,, אויך זאָלסטו ניט אַן א'ער חסיד זײַן. דו וועסט זען אַ נאַקעטע אשה דערטרענקט אין בּאַך, וועסטו וועלן אַנטלויפֿן ניט אָנצוזען זי, דאָס טו ניט, נײַערט זײַ זי מציל און האַלט דײַנע אויגן צו,,, איבּז, רבּינו יונה, ספֿר היראה, לוואָוו 1851.

9. אַדוו. וואָס איז צו פֿיל, צו גרויס, צו שטאַרק. (ניט) א, קלוג. א, בּאַריידעוודיק. א, כיטרע. (ניט) א, זגראַבּנע אאַזוו. אויך אַדי. ניט האָבּן פֿאַר עמעצן קיין א'ע סימפּאַטיע, קיין א'ע וואַרעמקייט אע.

1O. וואָס איז מער ווי לכתּחילה גערעכנט, געפּלאַנירט. א'ע פּאָרציעס בּרויט. א'ער אָנגרייט סחורה. "וועו מן פֿאַר איינם עני אום גיט אונ מן היבּט אים געלט אויף = מע קלײַבּט פֿאַר אים צונויף] אונ עז איז געלט איבּריג דא, מער אַז ער בּידאַרף, אַזו איז דאַז איבּריג אַך זײַן,,, לט1, מז/א.

11. וואָס איז ניט בּאַרעכטיקט. ,,וואו עס איז א, דאָרטן פֿעלט,, [אין קאַסע], שוו. פֿרגל:

'כל יתר כנטול דמ, חולין, נח/ב.]

12. וואָס איז אַ לאַסט, אַ הכבּדה. אַן א, מויל אין אַן אָרעמער משפּחה. "די האַנט איז א', דאָס האַרץ איז אים א, און נאָך מער איז אים א, דער שׂכל", שנ, ייִד, שרײַבּער אין מאָוו'־פֿאַרבּאַנד. ,,בּײַ פֿאָטער און מוטער איז קיין קינד ניט א'", שוו. "אַלעס, אַלעס איז אים געווען א': די בּענקלעך, די טישלעך און די מענטשן,,, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

13. איבּערגעבּליבּן. ,,דא זײַנן פֿיל פֿון דיא יהודים אויף דיא וועג גישטאָרבּן...אונ, דיא איבּריגי בּגאבּן זיך נאָך טײַטש לנד",

שאַר. מ פֿאַרטײַטשט ,ויתרס תּאכל חית השׂדה,
(שמות, כג, 10): ,,און, איר איבּריגש“ [תּי:
,,און וואָס בּלײַבּט פֿון זיי,,]. איך האָבּ פֿאַר
אים קיין קרעכץ ניט א'. “ווען רשעים...
שטאַרבּן האבּן זיא זוא פֿיל איבּריג אַלז איין
בּהמה“, משה אײַזענשטאַט איבּז, דרך הישר
לאבֿן בּוחן, אָרט? 1746.

14. וואָס איז אַנדערש ווי דאָס ס פּ ע צ י ע
לאויסגעטיילטע; וואָס איז מחוץ אַ בּאַשטימטער
צאָל אָדער גרופּע. ,,די עשׂרה מאמרות וואָס

איבּעריקם

.--

מיט זיי איז בּאַשאַפֿן געוואָרן די וועלט און
אַזוי אויך די א'ע גאַנצע תּורה...,,, תּניא, נבּ.
,,ווי געפֿינט מען נאָך דעם מלך מיט די א'ע“
[מענטשן], נחבּ, 'מעשׂה מבּעל־תּפֿילה'. ,,
פּראָסטאַקעס קויפֿן ספֿרימלעך, נאָר ווײַל זיי לייענען
גערן מעשׂיות און דער א'ער עולם ווילן
קיין מעשׂיות ניט לייענען,,, יפּ.

15. וואָס איז אַלדאָס אַנדערע (חוץ דעם
וואָס ווערט אַרויסגעהויבּן). ,,מיט די לעפֿצן

זאָל ער מתפּלל זײַן נאָר קורץ, און די א'ע
תּפֿילה זאָל ער בּעטן אין זײַן האַרץ", קה.
,,און דאָס א'ע וואָס ער האָט דאָרטן
אונטערגעבּרומקעט ווייסט מען ניט", שע, יאָסעלע
סאָלאָווי. ,,וואָרום איז די נאַכט פֿון סדר
אויסגעצייכנט פֿון אַלע א'ע נעכט פֿון אַ
גאַנץ יאָר?", הגדה של פּסח. ,,נאָר איינער [איז]
אויסערווײלט וואָרן צו די ירושה. און די א'ע
קינדער זענען פֿון די ירושה אַוועקגעוואָרפֿן
וואָרן", א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו 1838.
,,יענער הונט האָט אָנגעהויבּן און די א'ע
האָבּן אים אונטערגעהאַלטן,,, ממוס, ספֿר
הבּהמות. ,,איינער איז דאָס פֿערד און די א'ע קינ..
בּײַם צוימ פֿאַרשווינדלעך, וואָס האַלטן אים
,,, שע פֿונעם יאַריד 16 .I.
אַנ,
דער] זײַנע

דערע(ר). ,,משיח בּן דוד לאָזט זיך אַוועק
צונויפֿנעמען די א'ע ייִדן אין אַלע עקן וועלט,,,
ממוס, ווינטשפֿ. 17. נאָך איינס. ,,אַן א'ן
בּגד איז אויך גוט צו האָבּן אויפֿן פֿאַל פֿון
אומגעוויטער", פֿגעז, ווילנע 1 1936, No־2.
18. (וועגן געלט) וואָס מע דאַרף ניט

אויסגעבן. א, געלט. „עס דריקט מיך, פֿאַרשטייסט?
און עס קאָסט טאַקע א'ע געלט„, אַר, 'דער
גבֿירישער אָרעמאַן'.
19. קליין, געפֿאַלן, עניוותדיק. זײַן א, בײַ
זיך. „ווערמען איז השי„ת מוחל? נאָר אָט דעם
וואָס איז ווי א, בײַ זיך אַליין אין די אויגן
און האָט קיין באַטרעף ניט“, לדב, מאמר
ראשהשנה, נ„י ת״ש. א, ה אָ ב ן — אַרכ. שטיין
בראָש, זײַן מער ווערטיק. מ t פֿאַרטײַטשט
'אַל תּותר, (בראשית, מט,): „זאָלשׂט ניט
איבריג הבן איבר דײַני ברידר“ [תּי: „זאָלסטו
די פער ניט זײַן“].
איבעריקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט
אָדער מצבֿ פֿון זײַן איבעריק (ספּעצ בב 1־5,
11־12). „גניסן פֿון דיזי וועלט נאַר וואשׂ
גאַנץ ניטיג איז, אביר ניט נאָך זוכין...אום
נוצליכי איבר קייטן“, בע, כט, ג. „דער דור
איז פֿאַרגיפֿט פֿון דער רוסישער
אינטעליגענטישער...א'“, ימ, נײַס, קאָוונע 1923. „
אונטערצושטרײַכן אָט די א, האָט זי געגומען
טריטלען אַראָפּ די טרעפּ“, דעמבלין, צוויי און
אַ דריטער. „די אייגענע א, האָט זיך צעבליט
ווי מאָך אויף אַ מצבֿה“, יג פֿון מײַן
גאַנ,

צער מי.

איבֿעריקן — אוטוו אַרכ. דזוו איבֿעריק
האָבֿן. (אויך פֿאַראיבֿעריקן?). “דרום דז דוא
הוֹשֹט גיאײַלט...אַז דיא וואַשֹר דיא דא לויפֿן
— דאַרום זולשֹטו ניט איבֿריגן”, טח, בֿראשית,
מט, 4.

איבֿעריקנס — אַדוו & זוו. חוצדעם. אין
אַזאַ פֿאַל. בײַ דער געלעגנהייט, אין דעם

צואיבֿעריקס

זאַמענהאַנג (קען מען נאָך צוגעבֿן). אַגבֿ;
אַגבֿאורחא. מילא, זאָל זײַן אַזוי. א„ וואָס גייט
ע ס (ע ר) מיך אָן? “א', ווי ערלעך זיי
מעגן זיך האַלטן, גלאַט כּשר קען קיין טאַקסע
ניט זײַן„, צעד. „עס איז נישט אונדזער עסק
אַרײַנצולאַזן זיך אין חקירות. א', וואָס האָט
ער צו דיר?”, ממוס, קליאַטשע. „פֿיר רובֿל
אַ וואָך, וואָס איז דעמאָלט א, געווען גאַנץ
פֿײַנע שֹכירות פֿאַר אַ חזן„, ליטוו. „'א', מיר
ווען זיך דאָך נאָך זען', — האָט זי געזאָגט
און מיר געגעבֿן די האַנט„, ל. שאַפּיראָ,
נאָווען.

איבעריקס — 1. דזוו איבעריק, אַדוו. ניט א, פֿיל. 2. אַדי. נייטראַל, סובּ. נעמען אין מויל עפּעס א, און דערנאָך זיך באַקלאָגן אויף ווייטיקן אין מאָגן.

איבעריקרנען — ◌...יאַ'קרענען] טרוו. יקרו איבער, ~געיקרנט. איבערשטײַגן מיט צו הויכע פּרײַזן. „אויף דער גאַס פֿון דימענטהענדלערס יקרנט איבער איינער דעם צווייטן„.

מיט ז י ך — אויסבעטן צו הויכע פּרײַזן און מחמת דעם פֿאַרלירן קונים. זיך א, און בלײַבן שטעקן מיט דער סחורה.

איבערירשע(נע)ן — [...יאַרשע(נע)ן] טרוו. ירשן (ירשע) איבער, ~געירשנט (~געירשעט). קריגן אַ צאָל ירושות. א, אַלע פֿעטערס און מומעס. א, דעם זיידנס שטאָלץ און זײַן דעהזאָגערײַ.

איבעריש — 1. אַדי. וואָס איז פֿון אָדער האָט אַ שײַכות צום איבערישן, דה פּירענייאישן, האַלבּאינדזל (די טעריטאָריעס פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל). „דער א'ער מענטש איז שוין לאַנג ניט אין דער מערהייט אין אַרגענטינע", א. זאַקוסקי, ייִשפּ XXI, 3. „די עטישע און סאָציאַלע ווערטן פֿון די א'ע פֿעלקער„, פֿאַש, 2 .15 IX 1962. דאָס. אָפּגעשטאָרבענע שפּראַך

(גרופּע שפּראַכן) פֿון דעם איבערישן
האַלבּאינדזל. „ווען לאַטײַן איז געוואָרן די
הערשנדיקע שפּראַך אין אייראָפּע, האָבן זיך
אויפֿגעהיט...פֿון די גאַלישע, א'ע אָדער
עטרוסקאַנישע לאָקאַלע לשונות נאָר געוויסע
פֿאָנעטישע אייגנטימלעכקייטן“, אאר, ייִשפּ XXII, 1.

איבערישבֿע(נע)ן — □...יאַשווע(נע)ן] אוטוו.
ישבֿע (ישבֿן) איבער, ~געישבֿעט (~
געישבֿנט). זיצן אין אַ צאָל תּפֿיסות. זיצן אַ
לענגערע צײַט. גנבֿענען און א, אין אַלע טורמעס
פֿון לאַנד. א, די פֿינף יאָר און דערנאָך
ווידער זיך נעמען צו דער האַנט־מלאָכה.

-

איבערישובֿן זיך — [...ייִשעוון] ישובֿ זיך
איבער, זיך □...געישובֿט. אויך: ~י□ שובֿן
זיך. זיך מיישבֿ זײַן, זיך האַלטן אַן עצה
מיט אַ צאָל. א, זיך מיט אַלע פֿרײַנד און
דערנאָך טאָן פּונקט קאַפּויער ווי מע האָט געעצהט.

איבערכּזבֿ(ע)נען — [...קאַזוועגען] אוטוו &

□

טרוו. כּזבֿן איבער, ~געכּזבֿנט. אויך: ~בּיזובֿן

[...קיזעוון]. זאָגן אַ סך ליגנס. א, אַזוי פֿיל ליגנס אין איין הרף־עין. א, וועגן אַלע באַגעגענישן מיטן פּריץ.

-

איבערכישופֿן — [...קי'שעפֿן] כּישוף איבער, ~געכּישופֿט. אוטוו — כּישופֿן אַ סך, אַ

95()

לענגערע צײַט. א, יאָרן און יאָרן. טרוו — 1. דזוו פֿאַרכּישופֿן; באַזיגן, איבערשטאַרקן עמעצן מיט כּישוף. א, דעם שׂונא, דעם קעגנער אע. 2. אויך פֿיג. באַזיגן אַזוי ווי מיט כּישוף. א, די יונגעלײַט מיט די שיינע אויגן. 3. מיט כּישוף פֿאַרוואַנדלען צוריק אין פֿריִערדיקן שטאַנד, מצבֿ, אויסזען אע. פֿאַרכּישופֿן מענטשן אין חזירים (וועלף) און דערנאָך א, זיי אין מענטשן. 4. איבערשטײַגן אַן אַנדער כּישוף־מאַכער. א אַפֿילו די חרטומים פֿון

,

מצרים. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

איבערכעסן זיך — [...קאַ'אַסן] אוטוו. כּעס

זיו איבער, זיך ~געכעסט. זיך כעסן, און
אויפֿהערן זײַן אין כעס. „לאָזט אים זיך
אויסשרײַען, נישקשה, ער וועט זיך באַלד
א׳“, דייד.
איבערכּפֿלען — [...קייפֿלען] טרוו. כּפֿל
איבער, ~געכּפֿלט. מערן אויף אַ צאָל מאָל;
מולטיפּליצירן. א, די צאָלן. ־ונג. ־עניש.
איבערכשרן — [...קאַשערן] טרוו. כשר איבער,
~געכשרט. 1. כשרן נאָכאַמאָל, גרינטלעכער.
א, די מקווה. 2. (אויס)כשרן אַ צאָל א,
אַלע כלים אויף פּסח ־ונג.

.

איבערכּתבֿ(ע)נען — [...קאַסוועגעה טרוו.
כּתבֿע, כּתבֿן איבער, ~געכּתבֿעט, ~געכּתבֿנט.
גיך, שלעכט איבערשרײַבן. א, די עטלעכע
ווערטער. א, דאָס געשעפֿט אויף דער ווײַבס
נאָמען און אַרויסשטעלן דער וועלט אַ פֿײַג.

-

איבערכּתיבֿהן — [...קסיווען] טרוו. כּתיבֿה
איבער, ~געכּתיבֿהט. איבערשרײַבן מיט
געכּתיבֿהטע אותיות. ← אויסכּתיבֿה(נע)ן. א, די
געקינצלטע פֿאַרבעטונג צו דער חתונה.
איבערכאָווען — טרוו. ־ווע איבער, ~

געכאָוועט. וורר. אויסבאַהאַלטן און היטן אויף אַ באַשטימטער צײַט. געבן דעם שכן א, די צידונג.

איבערכאָליען — ־ליע איבער, ~געכאָליעט.

טרוו — איבערקרענקען (גראָב). א, אַ שווערן טיפוס. א, מיאוסע קרענק. קללה: „אַז דו וועסט א, דײַן קרענק, זאָל אַן אַנדער קרענק דיך אַוועקכאַפּן“. אוטוו — אוקר. מג.

איבערזײַן, איבערליגן, איבערבלײַבן ערגעץ. „דער טאַטע כאָליעט איבער אין שענק„, מאַן, חומשלידער. וואול. א, בײַ דער נפקא. ־עניש.

איבערכאַפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פון איבערכאַפּן (אין אַלע בכּ). א׳־פאָרער = ווער עס כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ וואָגן אַ ביסל אונטערצופאָרן.

איבערכאַפּן — אַקוזוו. כאַפּ איבער, ~ געכאַפּט. 1. (אַרײַנ)נעמען צו פיל, מער ווי מע דאַרף. אַרײַנקריגן מער ווי עס קען זײַן נוציק. א אַן איבעריק גלעזל און ווערן שיכּור.

,

„פויערים וואָס האָבן איבערגעכאַפּט די כּוסע און זיך מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס“, ייִט, טמז, 3 1961 III. *א, די מ אָ ס

— ,,און דאָס בנצילע האָט לכּבֿוד פּורים
איבערגעכאַפּט די מאָס, געהאַט אַן איבעריק ביסל
משקה אין קאָפּ“, ממוס, ווינטשפֿ. ,,ס'טרעפֿט
אַמאָל, כ'האָב נעכטן אין רומענישן קעלער
איבערגעכאַפּט די מאָס,,, אָפּאַ, היברו. ,,אַ פיל

איבערכאַפּן

קען אויך זײַן שעדלעך, אויב מע כאַפּט
איבער די מאָס“, טמז, 2 1965 II. א, די מאָס
און דערנאָך לײַדן אויפֿן מאָגן. ,,
אויסשיטנדיק [= דערציילנדיק] דאָס אַלץ, האָב א ך
געציטערט טאָמער האָב איך איבערגעכאַפּט די
מאָס“, אַר, 'באַליידיקט אַ פֿרוי'. ,,דער
סטודענט האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס,
ער האָט צו לאַנג גערעדט,,, בערג, אין אַ
פֿאַרגרעבטעך שטאָט. א, די מאָס בײַם
אויסבעטן אַ פרײַז, בײַם אָנווײַזן דעם מקח. ,,עס
איז אָבער געגוג נאָר אַ ברעקל א, די מאָס
אָדער אַ האָרעלע ניט דערשפּילן...,,, זשיט II,
נ,,י 1912. ,,ס'איז אַ טעות וואָס מע מוז אים
דערפֿילן ווי נאָר די קריטיק כאַפּט איבער
די מאָס“, שנ, ייִד, שרײַבער אין סאָוו,־
פֿאַרבאַנד.

2. עסן אַ ביסל און גיך, ניט צו דער זעט,
אַבי ניט זײַן הונגעריק. א, נאָר אָ פּאָר ביסן.
א אַ המוציא. ,,אין פּאָרטוגאַליע קען מען
,
אָפּט זען ווי מענער און פֿרויען עסן מיטאָג
שטייענדיק, זיי כאַפּן איבער אַ שטיקל ברויט
אָדער עפּעס אַנדערש", וו. און ס. איבז, די
מעע)ה פֿון דעס שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר
1869. ,,אַז אָך און וויי איז דיר — אַז זינט
דו לעבסט האָסטו סך־הכל געהאַט נאָר איין
געדאַנק: א, אַ כזית כּדי דו זאָלסט ניט
אויסגיין פֿאַר הונגער", ממוס, שטורעמצײַט.
,,עס קאָכט זיך וועטשערע, נאָר קודם־כּל זידט
דאָרט אַ טעפּעלע קאַרטאָפֿל אויף
איבערצובאַפּן דערווײַל", ממוס, שלמה. אויך אָן אַ
דירעקטן אָנווײַז אויף דעם ווי מע שטילט דעם
הונגער. ,,מע פֿלעגט נאָר דאָ פּאָפּאָיען די
פֿערד, אַליין אויך ע פּ ע ס א, און פֿאָרן
ווײַטער", ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.
,,און דאָרטן טאַקע עס איך שטייענדיק...מע
כאַפּט איבער וואָס גאָט גיט", שע, מנחם־מענדל.
,,אין אַזוינע טעג עסט מען ווייניק. ס'גענוגנט
דאָס וואָס מע האָט אין דער היים
איבערגעכאַפּט", נס. ,,און אינדערפֿרי און

אויפֿדערנאַכט פֿאַרבראַכט בײַ באַקאַנטע און דאָרטן איבערגעכאַפּט“, א. קאַהאַן, אַהרן ליבעדמאַן, קיִעוו 1935. *א, דעם ה ו נ ג ע ר = עסן עפּעס וואָס, אַבי צו שטילן דעם הונגער.
,,אַיאָ, ס'איז גוט? — זאָגט צו מיר יוסף הצדיק וואָס האָט איבערגעכאַפּט דעם הונגער און געוואָרן אַן אַנדער מענטש“, שע, מע⸗Iיות פֿאַר ייִדישע קינדער. ,,געפֿינען אַן אײַנפֿאָרהויז, וואו מע זאָל קענען א, דעם הונגער און אָפּרוען די ביינער,,, טמז, 21 ⸗1963 II. *א, דאָס ה אַ ר ץ = עפּעס עסן אָדער טרינקען כּדי זיך אַ ביסל צו קרעפֿטיקן, צו שטילן דעם הונגער. א, דאָס האַרץ מיט טרוקן ברויט, מיט אַ שנעפּסל אאַזוו. אַרײַן אין אַ קרעטשמע א, דאָס האַרץ.
3. עפּעס וואָס טאָן אויף גיך, (אַזוי וו⸗) יוצא צו זײַן, אויך אַזוי ווי דאָס טאָן וואָלט געווען אַ חובֿ, הגם עס איז אַ נויטווענדיקייט. א, דאָס ע ס ן = גיך אָפּעסן (הגם עס קען זײַן אַ גאַנצע סעודה). א, דאָס ד אַ ו ו נ ע ן. א, דאָס מנחם אָבֿל זײַן. א, דעם ש ל אָ ף = שלאָפֿן אַ קורצע צײַט, כאַפּן אַ דרימל, שלאָפֿן אויף דערווײַל. ,,מיר האָבן אָפּגעגעסן

וועטשעאיבערכאַפּן

רע, און איך האָב מיך אַ ביסל געוואָלט לייגן
אויף אַ פּאָר שעה א, דעם שלאָף“, יאַ,
גענאַרטע וועלט. א, דעם אָ ט ע ם = א) מיטן
ערשטיקן ב: אָפּאָטעמען, טיפֿער אײַנאָטעמען.
א, דעם אָטעם נאָכן לויפֿן, אַרבעטן, נאָכן
דערציילן אַ לאַנגע מעשׂה; ב) זיך אַ ביסל
אָפּרוען. א, דעם אָטעם נאָך שווערער אַרבעט.
„צוויי מעת־לעת האָבן זיך אונדזערע
אויסדערווײלטע געטרייסלט אין די 'בוכטעס',
איבערגעכאַפּט דעם אָטעם נאָר דעמאָלט, ווען
מע האָט באַדאַרפֿט אָפּשטעלן זיך ערגעץ אין
אַ קרעטשמע דאַוונען“, שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע.
איבערכאַפּן — טרוו. ← דפּוו. 1. כאַפּן
אַ סך, אַ צאָל מאָל. האָבן אַ טבֿע
איבערצוכאַפּן נאַשערײַען פֿון טיש. א, שיריים. *א,
ברעקלעך און לאָזן פֿאַלן אַ קוילעטש = זיך
יאָגן נאָך נישטיקייטן און פֿאַרזען ווערטיקס.
א אַלע הינער וואָס זײַנען זיך צעלאָפֿן איבער

,

די שכנישע הויפֿן. א, די שפּעגלאַנטן ווי די
מײַז. „אין פֿאַרלויף פֿון אַ שטונדע קומט אים

אויס איבערצוכאַפּן [בײַ דער שפּיל] בײַ אַ
פּאָר טוץ מיידלעך“, אַר, 'דער איינציקער בחור'.
2. כאַפּן, אַרײַנקריגן וואָס ווערט געגעבן
(געשיקט, געמיינט) פֿאַר אַן אַנדערן. א, אַ
פֿרעמדן בריוו. א, די פּילקע וואָס מע וואַרפֿט
אַ מיטשפּילער. „די צדיקים און רביים, די
קהלס־לײַט און כּלי־קודש...האָבן
איבערגעכאַפּט דעם ביסן וואָס יעדערער האָט געטראָגן
צו זיך אין מויל אַרײַן„„ זשיט III ▯ י, נ“י 1919.
3. פֿאַרכאַפּן. א, די מזומנים פֿון געשעפֿט
און אַנטלויפֿן. 4. דעריאָגן, אָניאָגן. א, עמעצן
אין מיטן וועג. א, בײַ דער קרעטשמע די
מחותּנים וואָס זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אַ שעה
פֿריִער.
5. באָרגן בײַ עמעצן (אַ קליינע סומע).
א אַ גמילות־חסד. א אַ דרײַערל בײַ אַ

’ ’

גוטן פֿרײַנד. „אַחוץ וואָס איך האָב איר
אָפּגעגעסן דעם קאָפּ, האָב איך בײַ איר נאָך
אַלעמאָל איבערגעכאַפּט אויף פּאַפּיר און טינט“,
שע, מנחס־מענדל.
6. איבעררײַסן עמעצן אין מיטן רעדן. א,
דעם דערציילער (שמועסער) און אַליין
אַרײַנשטעלן אַ פּאָר ווערטער. א, אַן ע נ ט פֿ ע ר

= אָפּענטפֿערן גלײַך אָדער ענטפֿערן ווען אַן אַנדערער האָט עס געזאָלט טאָן. „וואָס זשע, מיר ווילן ניט? — האָט ער איבערגעכאַפּט דעם אינזשענערס ענטפֿער„ פֿ. סיטאָ, אָט דאָס

,

זײַנען מיר, קיִעוו 1932.

7. אויפֿכאַפּן, דערזען, באַמערקן. א, דעם בחורס בליק אויף דער חבֿרטע. „[ער] האָט אַ קוק געטאָן אויף...און געוואָלט א, זײַן בליק„„ מ. ריבֿקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914. „זי האָט איבערגעכאַפּט זײַן בליק, נאָר צו איר איז ניט דערגאַנגען ווי ווײַט ער איז איבערראַשט“, ה. דאָרין, סאָוו, היימלאַנד, 2 1961, No.

8. דורכלאָזן בײַם אײַליקן טאָן אַן אַרבעט. א, עטלעכע זײַטן בײַם לייענען אַ בוך. א, אַ פּאָר אייגלעך בײַם שטריקן.

9. איבערנעמען אײַליק און אומבאַטראַכט. א אַ נײַע מאָדע. א, שלעכטע ניטן. 1O. גיך

,

אויפֿכאַפּן און צוואייגענען. א אַ מעלאָדיע.

,

א אַ געדאַנק, אַ שיטה. 11. אויסכאַפּן (←.).

,

א אַ געהיימען שיפֿער. א, סיגנאַלן.

12. אַ ביסל אַרומנייען; אַרומנעמען אַ מלבוש. א, די לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל. א אַ בלוזקע מיט אויסנייעכץ.

,

13. (וועגן אַ מכשיר, אַ מאַשין) אויפֿכאַפּן, אַרײַנכאַפּן. א, היי מיט אַ ווילע. „אויפֿן אייבערשטן שטאָק פֿירט מען דעם באַוול צו אַ לויפֿנדיקער גראַטע. פֿון דער גראַטע כאַפּט אים איבער אַ צילינדער מיט מעסערס וואָס צעפֿליקט אים“, ע איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928.

איבערכאַפּן זיך — ← דפֿוו. אויך: 1. צוגיין צו פֿוס אויף אַ קורצן מהלך, אין אַ קורצער צײַט. א, זיך צום שכן אַ ביסל פּלוידערן. א, זיך צום קרובֿ אין דאָרף אויף אַ פּאָר טעג.

2. פֿאָרן ערגעץ אָן באַזונדערע צוגרייטונגען,

מיט וואָס עס מאַכט זיך. א, זיך אין שכנישן שטעטל מיט דער באַן אָדער מיט אַ בעלעגלה. „איך קען באַשטיין זיך א, זאַלבעזעקסט מיט אַ פּראָסטן בעל־עגלה“, שע, אײַזנבאַנגעשיכטעס. 3. אַריבערקריגן זיך. א, זיך איבערן פּלויט. א, זיך צום שׂונא. „...און איך מיט מײַנע גוטע פֿרײַנד, האָבן זיך איבערגעכאַפּט אין אַן אַנדער שיפֿל“, ש. הויכבוים, אַ יוד, אַדעס 1869.

4. פּד. זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף. „זי שלאָפֿט כסדר, אסתּר, אַפֿילו אויף קיין מינוט האָט זי זיך נישט איבערגעכאַפּט“, ייִז, „קלעפּיק!. „באַגינען האָט חננס ווײַב זיך איבערגעכאַפּט און גלײַך אָנגעהויבן קלערן: וואו נעמט מען געלט צו קויפֿן עסן?“, פּ. גוטערמאַן, מײַן שטעטל, רמת־גן 1952.

5. איבערקומען, דורכקומען. „די אַלע איבעריקע זײַנען שוין גלאַט אַזוי זײַטיקע פאַרשוינען וואָס כאַפּן זיך איבער ווי עס איז“, שע, סטעמפּענין.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבערכאַראָבען — טרוו. ־בע איבער, ~ געכאַראָבעט. פּפּ: ~כאָראָבען. סל.

איבערקרענקען. איבערשטיין אַ קרענק און האַלטן אין געזונט ווערן (געוויינלעך וועגן אַ בעלחי). מיט ז י ך. אַ פֿערדל אַ פּגירה, און האָט זיך יאַקאָש איבערגעכאַראָבעט.

איבערכאַרטשע(ווע)ן — ־טשע(ווע) איבער, ~געכאַרטשע(ווע)ט. וורר, אוקר. אוטון — ווי ניט איז דורכקומען מיט שפּײַז, מיט פּראָוויזיע, מיט כאַרטש. א, די שווערע צײַט מיט אַ שטוב פֿול מיט פּיקערס. טרוו — ווי ניט איז צעטיילן שפּײַז צווישן אַ צאָל אויף אַ באַשטימטער צײַט. א, די זעלנערס וואָס זײַנען אָפּגעריסן פֿון באַטאַליאָן. מיט ז י ך — „מע וועט זיך דאָ דעם ווינטער א'", בערג.

איבערכוואָרען — טרוו. ־רע איבער, ~ געכוואָרעט. סל. איבערקרענקען. איבערכאַראָבען.

איבערכוואָשטשען — טרוו. ־שטשע איבער, ~געכוואָשטשעט. איבערשמײַסן.

איבערכליעשטשען, ספּעצ מיט אַ רוט, אַ נאַהײַקע. מיט ז י ך — א, זיך אויפֿן פּאָל מיט אַ בעזעמל. ־עניש.

איבערכליאַניען

איבערכויכען — טרוו. ־כע איבער, ~

געכויכעט. (ווילנע און אומג') איבערכיטרעווען.
איבערשטײַגן עמעצן אין אָפּנאַרערײַ,
זשוליקערײַ, שווינדל. א, דעם גרעסטן זשוליק.
איבערכוכען — ־כע איבער, ~געכוכעט.
פּפֿ: ~כדקען. לד. אוטוו אַ צאָל מאָל

כוכען, כוקען, הוקען, דה מיט אומצופֿרידנקייט
(כּעס, בייזקייט) אַרויסאָטעמען מיט אַ געהילך
אָדער אָנשרײַען. א, אויף די קינדער. טרוו
— 1. אַרויפֿהויכן מיט אָטעם. א, די ברילן
און זיי איבערווישן. 2. איבערשטײַגן אין
כוכען. א, די שיכּורים אין שענק און זיי
אײַנשטילן.
איבערכיטרעווען — טרוו. ־רעווע איבער,
~געכיטרעוועט. איבערשפּיצלען, איבערקליגן,
אָפּנאַרן עמעצן מיט אַ המצאה. א, דעם
קאָנקורענט. א, איינער דעם אַנדערן. א, דעם פֿוקס.
„אַז ער [דער מלמד] קומט זיך שוין
צוזאַמען...מיט די אַנדערע מלמדים...בײַ אַ גלעזל
מעד, איז דאָך דער עיקר איינער זאָל דעם
אַנדערן א'“, ייִפֿאָל, 39 1882, No. “אָבער אַ
מענטש קען אַמאָל א, די מעדיצינישע
וויסנשאַפֿט און לעבן אַ סך לענגער וויפֿל זי
דערלויבט אים“, גרינ, מענטשן און ווערטן. „די

חבֿרה רעאַקציאָנערן...האָבן זיך אַליין

איבערגעקליגט, איבערגעכיטרעוועט", פֿאָר, ▯1965 II 15.

איבערכיכען — ־כע איבער, ~געכיכעט. פּפֿ: ~כיקען, ~כיכיקען. אוטוו — אַ לענגערע צײַט לאַכן (אויף אַ נאַרישן אופֿן) מיט קלאַנגען ענלעכע צו כי־כי. א, ווי נאַרישע מיידעלעך. טרוו — כיכען לענגער אָדער הילכיקער ווי אַנדערע. א אַלע מיידעלעך.

,

־עניש.

איבערכי(כ)קען — טרוו ־קע איבער, ~ געכי(כ)קעט. פּפֿ: ~כיטקען. איבערשנײַדן, איבערקוילען. מאַכן אַ צאָל מאָל כיק [בײַם ניצן דאָס וואָרט ווײַזט מען אויפֿן האַלדז▯. א, די הינער. א, דעם טרעמבוך.

איבערכיליען — ־ליע איבער, ~געכיליעט. סל. אוטוו — אַ לענגערע צײַט זײַן שוואַך, קראַנק אָדער קרענקלעך. א, אַ גאַנצן ווינטער און ניט קענען אַרויס אין דרויסן. טרוו —־ איבערקערן אין מויל אַרײַן, אַרײַנקערן אַ כוסע. א, עטלעכע גלעזלעך אין איין אָטעס.

איבערכלאָפּאָטשען — אוטוו. ־טשע איבער, ~געכלאָפּאָטשעט. פּפֿ: ~כלאַפּאָטשען.

1. נאָכאַמאָל, ווידער אינטערוועניִרן. זיך משתּדל זײַן בײַ אַ מאַכטהאָבער, אין אַן אַמט. א, בײַם גובערנאַטאָר, מע זאָל די ישובֿניקעס לאָזן אין דאָרף. 2. כלאַפּאָטשען אַ צאָל מאָל, בײַ פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן.

איבערכליאָבען — טרוו. ־בע איבער, ~ געכליאָבעט. פּפֿ: ~כל(י)אָפּטשען. זשעדנע, מיט אַ געהילך, אַרײַנזופּן (אויך אַרײַנעסן) אַ סך. א, אפֿשר דרײַ טעלער יויך, געקעכטס.

איבערכליאַניען — טרוו. ־ניע איבער, ~ געכליאַניעט. דערפֿירן צו אָפּשוואַכונג פֿון כּוחות (מחמת ניט געבן גענוג עסן). א, די קינדערלעך נעבעך. א, דאָס ה אַ ר ץ. זיך א, אין (פֿון) אָפֿטע תּעניתים.

איבערכליאַסקען

כליאסקעט. פּפֿ: ~כליסק. הילכיק

איאיבערכליאַסקען — טרוו. ־ ע איבער, ~

גע

בערפאַטשן. א, ביידע באַקן.
איבערכליאַסען — ־פּע איבער, ~
געכליאַפּעט. אוטוו, דריטפּערזאָניק — אויפֿהערן
שטאַרק צו רעגענען, גיסן ווי פֿון צעבערס.
„אַזאַ גאָס־רעגן האַלט לאַנג ניט אָן. דער רעגן
וועט באַלד א׳“, רייד. טרוו — 1. דזוו
איבערכל(י)ושקען, ב1. א, די פּאָמאָיעס פֿון איין
צעבער אין צווייטן. 2. שלעכט און גיך
איבערשמירן. א, די וואַנט מיט ליים.
~געכל(י)ושקעט. פּפּ: ~כל(י)וסק ז. 1.
איאיבערכל(י)ושקען — טרוו. ־ ע איבער,

בערגיסן גיך, מיט אַ געקלאַנג. איבערפּליושקען.
2. דזוו איבערכמאַליען, אָבער אויך מיט אַ
פֿויסט.
איבערכליעשטשען — אוטוו & טרוו. ־שטשע
איבער, ~געכליעשטשעט. דזוו איבערכמאַליען
(←.), אָבער נאָר מיט אַ רוט, בײַטש אע,
אָבער ניט מיט דער האַנט.
איבערכמאַליען — אוטוו & טרוו. ־ליע
איבער, ~געכמאַליעט. עטלעכע מאָל, אַ סך
מאָל פּאַטשן, שלאָגן שטאַרק (מיט דער
האַנטפֿלאַך, מיט אַ רוט, בײַטש אאַ). א, איבערן

רוקן. א, דעם רוקן. א, (איבער) דעם געזעס, עס זאָלן בלײַבן צייכנס. א, די כוליגאַנעס און זיי לאָזן ליגן צעבלוטיקטע. ־עניש.
איבערכמאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך איבער, זיך ~געכמאַרעט. זײַן פֿאַרוואָלקנט, פֿאַרכמאַרעט און ווערן העלער. ווען דער הימל ווערט זיך א', וועט ווידער שײַנען די זון.
אויך פֿיג. דאָס פּנים זײַנס האָט זיך שוין איבערגעכמאַרעט.
איבערכמורען זיך — אוטוו. ־רע זיך איבער, זיך ~געכמורעט. אויפֿהערן זײַן כמורנע, פֿאַרפֿינצטערט. „ס'מזל וועט זיך א', סע קען דאָך ניט שטענדיק זײַן שלעכט“, רייד.
איבערכניקען — אוטוו. ־קע איבער, ~ געכניקעט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט כניקען. ← אויסכניקען. א, ווי אַ קראַנק עופֿעלע.
איבערכראָמ(ס)קען — טרוו. ־(ס)קע איבער, ~געכראָמ(ס)קעט. פֿפֿ: ~כראָמשקען.
איבערקײַען מיט ציין־קנאַקערײַ. א, די ביינער. א, האַרטן שאָקאָלאַד.
איבערכראָפּען — ־פּע איבער, ~געכראָפּעט. אוטוו — כּסדר, אַ לענגערע צײַט שנאָרכן אין שלאָף. א, אַ גאַנצע נאַכט און ניט לאָזן דעם בײַשלאָפֿער צומאַכן אַן אויג. טרוו —

איבערשטײַגן עמעצן מיט כראָפּען. א, דעם בײַשלעפֿער.
־עניש.
איבערכראַקען — אוטוו & טרוו. ־קע איבער,
~געכראַקעט. 1. מיט אָנשטרענגונג און
כאַראַקטעריסטישן קלאַנג אַרויסברענגען אַ צאָל
מאָל פֿלעגמע, ליחות, שפּײַעכץ אע. א, מיט
בלוט און פֿאַרטרינקען מיט בראַנפֿן. 2.
אַריבערשפּײַען. א, איבערן פּלויט. מיט ז י ך —
אויפֿהערן כראַקען. ־עניש.
איבערכר(י)וקען — אוטוו. ־קע איבער, ~
געכר(י)וקעט. כסדר, אַ לענגערע צײַט

אַרויס952

ברענגען קלאַנגען, ענלעכע צו כר(י)ו־כר□ .)ו.
א□ ווי אַ הזיר ־עניש.
.
איבערכריפּען — ־פּע איבעו, ~געכריפּעט.
□וטוו — כסדר, אַ לענגערע צײַט כריפּען.
א, וו אַ ניט־דערקוילעטער. טרוו
אַרויסי —
ברענגען פֿון האַלדז סקריפּעדיקע קלאַנגען
העכער פֿון אַ צווייטן. א אַפֿילו דעם אַלטן

וואַנט,

זייגער. ־עניש.

איבערלאָבן זיך — אויטו. לאָב זיך איבער, זיך ~געלאָבט. שטאַרק אָדער כסדר זיך לאָבן, זיך קוויקן מיט עפּעס וואָס איז געשמאַק, וואָס מע האָט הנאה פֿון דעם. א, זיך מיט די מעדנימלך. ־ונג.

איבערלאַבערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געלאַבערט. איבערגנבֿענען. א, צו ביסלעך דאָס זילבער פֿון בופֿעט.

איבערלאָג — דער, ־ן. דאָס וואָס מע לייגט איבער (אויף) עפּעס ווי אַ פֿאַרהילונג, באַדעק. באר התורה פֿאַרטײַטשט 'ועשית כפרת, (שמות, כה, 17): א'. [תּי: „אַ דעק⸮].

איבערלאָגיש — אַדי. וואָס איז נאָך לאָגישער ווי דאָס איז נייטיק. „זשיטלאָווסקי איז א', און דאָס איז זײַן שוואַכקייט„, רייד.

איבערלאָגלען — טרוו. ־גל איבער, ~ געלאָגלט. 1. איבערגיסן פֿון אייו לאָגל (אָדער בכלל כלי) אין אַן אַנדער לאָגל. „צו וואָס א, דעם ווײַן?„. 2. מאַכן עס זאָל זײַן אינגאַנצן פֿול (אַזוי ווי אין איבערפֿולן לאָג⸮). א, דאָס ליד מיט טיפֿע געפֿילן.

איבערלאַגערן — טרוו. ־ער איבער, ~

געלאַגערט. 1. אַריבערפֿירן (סחורה) פֿון איין
לאַגער אין אַ צווייטן. א, די תּבֿואה, ווײַל אין
שפּײַכלער האָבן זיך באַוויזן מײַז. 2. לאָזן
ליגן אין לאַגער אַ באַשטימטע צײַט (אַ
קירצערע אָדער אַ לענגערע). א, די עפּל, ביז מע
וועט זיי קענען אַוועקשיקן. 3. אוטוו. זײַן
אין אַ לאַגער. „מיר וועלן דאָ א, נאָר צוויי
נעכט“. ־ונג.

א טרוו. לאָד איבער, ־.־געלאָדן.
ען, ~לאָד(נ)עוועז. [אַרכ,
1. לאָדן, אָנלאָדן נאָכאַמאָל.
לאָדן פֿון איין פֿאַרקער־מיטל אויף אַן אַנדערן.
א, דעם ווייץ פֿון די וואַגאָנען אויף דער
פֿראַכטשיף. א, די ביקס. א, די באַטאַרייעס.
„און געטאָן די גאַנצע אַרבעט פֿון לאָדענען
און איבערלאָדענען אינגאַנצן בחינם“, י.
קייטעלמאַן, פֿאָר, 2 1963 III.
2. אָנלאָדן צו פֿיל, מער ווי ס'איז נייטיק,
ווי ס'איז מעגלעך. א, דעם וואָגן און ניט קענען
רירן אים פֿון אָרט. א, אַז די גאַנצע פֿראַכט
זאָל מכולה ווערן. א, די עלעקטרישע סטאַנציע,
דעם מאָטאָר. „בישׂטו גלײַך צו איין שיף די
מן זיר איבר לאָט אונ, זי מוז דר טרינקן“,
סהמ, יחזקאל, כז, 3. “עמעץ טרײַבט אַ קראַנק

פֿערד, אָדער לאָדט עס איבער מיט לאַסט“, פּרץ, שטעט און שטעטלעך.

3. צו שטאַרק באַלאַסטן. אַרויפֿלייגן אַ צו גרויסן עול. א, דאָס פֿאָלק ישׂראל מיט תּרי“ג מצוות. א, די תּלמידים מיט צו פֿיל היימאַרבעט. „שיקט די נשמה דעם שׂכל צוריק

איבערלאָזן

צום יצר־טובֿ, ער זאָל ניט א, דעם מענטשן מיט תּשובֿה און פֿײַניקן..., וואָרן ער וועט עס ניט אויסהאַלטן„, הרבֿ אליעזר כּהנא, tיח ספֿונים, וואַרשע 1872.

4. איבערפֿולן דעם מאָגן, עסן מער ווי דער מאָגן קען פֿאַרטראָגן. „דען ווען דער מענש זײַן מאָגן צו פֿיל איבּר לאַד...זוא ווערט דשׂ פֿיל עשׂין פֿר אורזכן דשׂ עשׂ זײַן מאָגן ווערט ניט רעכט פֿר דייאן קענן“, מהמ. „בײַ אַ כאָלערע...איז דאָס ערשטע ניט א, דעם מאָגן, ניט עסן קייו שעדלעכע שפּײַזן“, ארז, קמ, 35 1870, No.

5. מאַכן צו שווער, איבעריק גרויס. מאַכן צו קאָמפּליצירט. א, די הוצאות מיט כלערליי לוקסוסדיקע 'מציאות'. „איז דאָס גורם מרבה

בהוצאות הבית צו זײַן איבער זײַן יכולת
מחמת די גרויסע הוצאות וואָס ער...

איבערלאָדנט איז“, ר, יצחק האַמבורגער, איבז □יח
יצחק, לעמבערג 1876. „לאָזט ניט א, זײַן
בודזשעט מיט דער מינדסטער איבעריקער

הוצאה“, טמז, 1965 III □י 24. א, די אינפֿאָרמאַציע
מיט אומנייטיקע פּרטים. א, אַן אַרטיקל מיט
צו פֿיל שווערע ווערטער.
מיט ז י ך — א, זיך מיט עטלעכע
איבעריקע כּוסות. „לסוף דשׂ מינשׂט דשׂ דו דיך
אובר לאַדן קאנשׂט דשׂ טוא...דיא הוצאות

□

זײַן גרושׂ אַזו ווײַטי וועג צו וואוירן [=

פֿירן]„„ פּבֿ, 1533 [ייִבל 3 ,XIII־□]. „מע מוז זען
זיי זאָלן זיך ניט א, דעם מאָגן„„ מרפּא לעס,
איבז, זשיטאָמיר 1874. „לייוויק איז אַ ייִדישער
מײַסטער פֿון וואָרט. דאָס מיינט, אַז ער וועט
זיך גיכער לאָזן א, מיט וויזיעס ווי מיט
ווערטער„„ שנ, ה. לייוויק. ־ונג. ־עכץ.
־עניש.
איבערלאָדן זיך — קזוו. זיך לאָדן מיט
עמעצן אין געריכט נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. זיך

משפּטן אַ לענגערע צײַט אָדער אין
פֿאַרשיידענע געריכט־אינסטאַנצן. א, זיך מיט דעם
ניט־ערלעכן שותּף צום וויפֿלסטן מאָל. א, זיך
בּיז צום העכסטן געריכט. ־עכץ. ־עניש.
איבּערלאַדעווען — טרוו. ־דעווע איבּער,
~געלאַדעוועט. ווידער פֿאַרריכטן.
איבּערשטעלן אויף אַן אַנדער אופֿן. א, דעם וואַרשטאַט,
די אַרבּעט זאָל גיין גיכער. א, דעם אַלטן
פּעלץ.
איבּערלאָדקעווען — טרוו. ־קעווע איבּער,
~געלאָדקעוועט. סל. איבּערשיפֿלען,
אַריבּערפֿירן אויף אַ לאָדקע (שיפֿל). א, די קינדער
אויפֿן אַנדער בּרעג טײַך. אויך מיט ז י ך.
איבּערלאָזן — טרוו. לאָז איבּער, ~געלאָזט
(פּד, אוקר), ~געלאָזן. 1. לאָזן עס זאָל
איבּערבּלײַבּן נאָכן ניצן עפּעס. א, אַ האַלבּע
פּאָרציע. א, שיריים. א, פֿאַר די פֿייגעלעך.
*א, אויף דרך־ארץ = ניט אויפֿעסן אַלץ
פֿונעם טעלער (ווי אַ צייכן פֿון גוטע מאַנירן).
פֿאַר א קראַנקן לאָזט מען איבּער, אָבּער ניט
„ — -
פֿאַר אַ בּרוגזן„, שוו. 'ולא תותירו, (שמות,
יב, 10) זעצן איבּער מ□t אאַ: א'. אַזוי אויך
תּי. "'שׂבענו והותרנו', מיר זײַנן זאַט אונ,

האבֿן נאָך איבֿר גילאזן גלײַך אונז גאָטשׂ
וואָרט טוט ווײַזן,,, ברכת המזון, אַמשט 1723.

איבֿערלאָזן

,,מײַן קליאַטשע...האָט עס אינגאַנצן
אויפֿגעגעסן, ניט איבֿערגעלאָזט אַפֿילו אַ בלעטל‘‘,
ממום, קליאַטשע. ,,די שמאַלץ צו פֿאַרקויפֿן
דער גבֿירה...פֿאַר זיד ניט איבֿערצולאָזן אַפֿילו
אַ בראָק‘‘, ילג, יופֿאָל, 1 1888, No. ,,אַלי אומות
עכּום...זײַנן ניט גישפּײַזט גיוואָרן נייארט פֿון
דאש ישׂראל האבֿין זיא איבֿר גילאָזין,,, נצ1...
,,ווען זי [אַ נידה] האָט איבֿערגעלאָזט פֿון איר
טרינקען אָדער עסן אין דער כּלי און מע
האָט דאָס איבֿערגעגאָסן אין אַן אַנדער כּלי,
מעג שוין דער מאַן עסן פֿון דער אַנדער
כּלי‘‘, ספֿר מעין טהור, הרבֿ מ. טייטלבוים
דק,,ק איהעל, אָרט? יאָר?
2. לאָזן אַ טייל אָדער אַלץ אין אַ כּלי, ניט
(אויס)ניצן אַלץ. א, פֿלייש אין טאָפּ. א,
וואַסער אין פֿעסל. ,,נאָר ער זאָל עס אָפּגיסן
פּאַמעלעך און זאָל אַ ביסל א‘‘‘, לט2. ,,ווען
מע האָט אים אָנגעגאָסן אַ כּוס, זאָגט ער:
'וואָס איך וועל א, אויף דעם דעק פֿון כּוס

זאָל זײַן מעשׂר"‟, משניות זרעים, קעניגסבערג 1861, לד/א.

3. לאָזן (פֿאַר זיך אָדער אַן אַנדערן) אַ טייל פֿון אַ גרעסערן סכום. פֿאַרקויפֿן דעם שטאָף און א, פֿאַר זיך אויף אַן אָנצוג. א, סחורה. א, ייִתור. א, זאַפּאַס. א, אויף זאַריביק — פֿאַרקויפֿן אַ ראַמש צו קרן־פּרײַז אָדער

מיט ווייניק רווח און א, אַ טייל פֿון דער סחורה ווי דעם ריינעם רווח.

4. לאָזן אַ רעשטל, אַן איבערבלײַב. (ניט א אַ זכר פֿון עפּעס. א, בלויז אַ סימן פֿון

,
פּאות פֿון דען בארט צו פּוצן וויל איך

. „
גדענקן, ער פּוצט אין אַוועק אַלשׂ איין חמץ, ער לאָזט איבר...איין קמץ,,, אַשכּנז.

5 פֿאַראיבעריקן, אײַנשפּאָרן. א, אַויפֿן ווינ.

טער. א, אויף אַ רעגנדיקן (שוואַרצן) טאָג. „האָט זיך דערפֿון מפֿרנס געווען און האָט גאָרניט איבערגעלאָזט פֿון זײַן שׂכירות אויף ווײַטער‟, חה, 117.

6. לאָזן פֿאַר אַן אַנדערן עפּעס צוליב אַ

מצווה. א, לקט, שכחה, פאה. „ער לאָזט צו דען עניים נישט איבּר, דרום אויך...ווערט ניט בּגליקן זײַן גוטש„, סהמ, איובֿ, כ, 21.

7. לאָזן עמעצן אָדער עפּעס זײַן, שטיין, זיצן, ליגן, בּלײַבּן וואו מען איז, וואו (ווי) עס איז. א, דעם בּאַגלייטער בּײַם טויער. א, דעם תּלמיד אויף נאָך אַ יאָר אין דעם זעלבּיקן קלאַס. א, עמעצן אַ פֿאַרשעמטן. א, מיט אַ נאָז. א, דאָס שטעטל אין פֿײַער פֿון מחלוקת. א, דעם גאַנצן הקדש. „פֿאַרוואָס דען האָט איר דעם מאַן איבּערגעלאָזט? רופֿט אים...„, תּי, שמות, ב, 20. „גאָט האָט איבּערגעלאָזט פֿון די אומות וואָס אין ארץ־ישׂראל זענען געזעסן, כּדי אַז די ישׂראל ווען זינדיקן — ווען די זעלבּיקע אומות איבּער זיי ממשלה האָבּן“, ספֿר חסידים, תּק״ז?

8. לאָזן (בּכּיוון צי אַן כּוונה) אין דעם זעלבּיקן צושטאַנד, ניט פֿאַרריכטן, ניט פֿאַרענדיקן אַן אַרבּעט. „די מאַליאַרעס האָבּן איבּערגעלאָזן איין צימער און זײַנען אַוועק“, רייד. „מע זאָל ניט גאַנץ אויסווײַסן זײַן הויז, נאָר א'...איין אייל אין די לענג, איין אייל אין די בּרייט, כּדי מע זאָל זען און זיך דערמאָנען

אין חורבּן,,, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולס,
אונגוואַר 1864. ,,טייל זענען זיך נוהג
איבּערצולאָזן דאָס מיסט אונטער פּי אַ גאַנצן
ווינטער,,, מ. וועבּער, דער יודישער פֿעלדאַרבּײַט נר,
וואַרשע 1891.

9. לאָזן אין דעם זעלבּיקן נשמהדיקן
צושטאַנד. א, עמעצן אַ גלײַכגילטיקן. א, עמעצן
אַ צעטומלטן. *עס לאָזט מיך איבּער קאַלט,
אַמ = אָן אויפֿרעגונג, אָן בּאַגײַסטערונג,
גלײַכגילטיק. ,,קוקסט מיך אָן מיט טרײַע אויגן...
לויפֿסט אַוועק, לאָזסט מיך איבּער אַ
פֿאַרכישופֿטן פֿון ליבּע,,, סעג, לירישע לידער,
קיִעוו 1913.

10. לאָזן אַ סיטואַציע ווי זי איז, קיין
זאַך ניט טאָן. ,,קיין אַנדערער ווער ניט
אויספּלאָנטערן אײַער פּלאָנטער, און איר קענט
אים ניט א, ווי ער איז,,, רייד. ,,אָבּער פֿון
דער אַנדערער זײַט איז אויך שווער
איבּערצולאָזן די זאַך אַזוי", א. ז., אַ ווידוי פֿון אַן
אַקושערקע, וואַרשע 1909. ,,פּריידיקן רחמים
און א'...די עלעמענטן פֿון אומגערעכטיקייט,,,
קאָר II. ,,אויבּ מענטש ווערט אַרויפּשטײַגן, צי

וועט ער א, די וועלט בשפל המוגה□ ,,, אבא
גאָרדין, צוק, מאַרץ 1936.
11. לאָזן אומפֿאַרענטפֿערט, אין דעם
זעלביקן צושטאַנד פֿון אַ שאלה, אַ פּראָבלעם.
א, די שווערע מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע און
זיך נעמען צו די גרינגערע. א, די פֿראַגע
פֿון אָפּאָנענט. א, דאָס גאַנצע פּעקל
פּראָבלעמען. ,,אָן שום ספֿק האָט [ע□] איבערגעלאָזט
אַ סך אומגעלייזטע פּראָבלעמען פֿון ייִדישן
חינוך אין אַמעריקע,,, ש. מאַרגאָשעס, טמז,
9 1965 X. ,,אַנשטאָט צו געבן אַ תּירוץ אויף
דער קשיה, לאָזט ער זי גאָר אינגאַנצן איבער“,
ש. צ. זעצער,...דיני־ממונות און דיני־נפֿשות,
נ,,י 1934. א, די פֿראַגע (דעם פֿאָרשלאָג) אָן
אַן אָפּשטימונג.
12. בײַם ריידן אָדער שרײַבן אָפּלאָזן איין
ענין אָדער העלד און איבערגיין צו אַן
אַנדער ענין אָדער העלד. א, דעם בן־מלך און
זיך נעמען (ווענדן) צו דער בת־מלכּה. ,,איך
לאָז איבער דאָס פֿעלד, דאָס הייליקע אָרט פֿון
כתרילעווקע, און גיי מיר דורך מיט אײַך
אין שטאָט אַרײַן,,, שע, קליינע מענטשעלעך.
,,לאָמיר זיי א, אויף אַנדערע הענט און לאָמיר
שמועסן פֿון עפּעס אַנדערס,,, קמ, 6 1870, No.

,,וועלן מיר א, די מיליאָנערן און זיך
אומקערן צום פּשוטן ייִד,,, צײַט, טמז, 8 1965 X.
13. פֿאַרגעסן. א, דעם שירעם, דעם שטעקן, די קאַלאָשן אאַזוו. וואו האָסטו איבערגעלאָזט דעם קאָפּ?
14. סתּם לאָזן עפּעס בײַ עמעצן. ,,האָט ער איבערגעלאָזט זײַן קלייד אין איר האַנט און איז אַנטלאָפֿן,,, תּי, בּראשית, לט, 12.
15. סתּם לאָזן עפּעס פֿאַר אַן אַנדערן. ,,יעדע עפּאָכע טראָגט אַרויס איר אורטייל און ...וועט זי שטענדיק א, דער קומענדיקער תּקופֿה צו זאָגן עפּעס נײַס,,, שנ, קריטיק און קריטיקער.
16. איבערהיפּערן (בײַם לייענען). ניט (דער)־זאָגן. אויסלאָזן. לייענען נאָר דעם סיפּור־המעשׂה און א, אַלע באַשרײַבונגען. ״זאָל ער מתפּלל זײַן מיט אַ קורץ לשון און זאָל בעטן אין

איבערלאָזן

דער טראַכטונג פֿון דעם האַרץ...זאָל ער גיט אויססדרן גאָר די תּפֿילה מיט זײַנע לעפֿצן, נאָר ער זאָל א, אין דער טראַכטונג,,,   ה,

ווילנע תּרל"ה. „אַז דער חזן האָט איבּערגעלאָזט די בּרכה 'ולמלשינים, זאָל מען אים אַוועקטרייַבּן פֿון דעם עמוד„, ספֿר מקור הבּרכה II, מונקאַטש תּרנ„ה. „אַ מוטער מוזסטו דעם גאַנצן אמת זאָגן, גאָרניט א, אין האַרץ„, פּו־ץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „א אָ וואָרט...
אומפֿאַר,

טײַטשט...האָט בּײַ זיי אויסגעוויזן ווי אַ נ ין ...אָפּנאַרערײַ", ש. נאָבּל, חומש־טײַטש.

17. בּכיוון לאָזן עפּעס, געבּן עפּעס, בּײַם פֿאַרלאָזן אַן אָרט (פֿאַרן אַוועקפֿאָרן, אַוועקגיין). א, די קינדער לעצגעלט. א, שפּילכלעך פֿאַר די קינדער. א, אַ שיינע נדבֿה. א, דעם משרת בּירגעלט. „ער האָט אַ כּלה, וואָס ער האָט זי זייער שטאַרק ליבּ, און זאָגט: איך נ וז איר עפּעס א, זי זאָל מיך בּאַשטענדיק געדענקען„, אַ נאַנץ נײַאי שייני מעשׂה פֿון איין זאָרפֿס—בּעלפֿער, לעמבּערג 1875. „די ווײַבּער אין דער היים א, בּאַדאַרף מען דאָך עפּעס אויך", ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'. „אין דער מקווה לאָזט מען איבּער אַלע עבֿירות", שוו. „טאָ זאָל ער זיי...א, אַזאַ מין 'אָטיעזדנע, אַז זיי זאָלן אים פֿילן אויך אויף דער צײַט

וואָס ער וועט דאָ ניט זײַן,,, מ־ טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929. אומאיידל. א אַ

,

פֿײַף פֿון אַ דודע. גראָב. א אַ פֿאָרץ. אַ שטונק,

,

אַ געסרחה.

18. לאָזן עפּעס בײַם גנבֿענען, רויבן, באַשווינדלען אע. אַרויסגנבֿענען גלעזלעך און א, פּערל. אַלץ אויסרייניקן און א, די אַלטע שקאַרפּעטן. *א, אין איין סטאָן, אין די אונטערוועש, אין טלית־קטן = רואינירן, צונעמען (פֿאַר חובֿות אָדער אויסשווינדלען) דאָס סאַמע לעצטע. *א, די פֿיר ווענט; א, בלויז די מזוזה אויף דער טיר, בײַ דער הילצערנער שוועל = אַרויסטראָגן (אַרויסגנבֿענען) אַלץ פֿון שטוב. א, הויל און נאַקעט. *א, מיטן נאַקעטן (תחת) = גראָב, דזוו פֿריִער. "און דער פֿײַנד פֿאַרנעמט זיך יודלס גוטס...לאָזט ניט איבער אים קיין שפּילקע,,, ממונו, יודל. "האָט אָפּגעשונדן די הויט און דאָס פֿלייש פֿון די אײַנוואוינער און האָט בלויז איבערגעלאָזט די ביינער,,,

ש. סאַפּיר פֿאָר, 1965 ־י9 I. ,,...ענפֿרט ער מיט

,

שעלמרייא דז ער הט זי [די מערבֿ־וואַנט, כּותל־מערבֿ] מיט פֿלײַס איבּר גלאזן צום גדעכטנוס דשׂ מן זעהן זאַל וואז פֿר איין בּנין ער הט מחריבֿ גוועזן,,, קינות לתּשע בּאבֿ פֿיורדא 1767.

19. לאָזן עמעצן אומבּאַרירט בּײַם טאָן שלעכטס, בּײַס אומבּרענגען די איבּעריקע. פֿאַרשיקן אַלע אַרבּעטספֿעאיקע אין די לאַגערן און א, נאָר אַ קליינעם טייל. א, נאָר עטלעכע ייִדן פֿון אַ גאַנצער שטאָט. ,,איז ער געשטאַנען און געטראַכט...וואָס אים האָט מען אויסגעמיטן און איבּערגעלאָזט לעבּן", הל, ,דער וואָלף'. ,,ס'איז אוממעגלעך אַז [היטלער] האָט ...אויסגעטיילט פֿאַר אומבּרענג די בּאַוואוסטזיניקע ייִדישע עלעמענטן און איבּערגעלאָזט בּלויז די אָפּגעפֿרעמדסע ייִדן,,, יג, טמז, .I 1955

איבּערלאָזן

20. לאָזן עפּעס נאָך זיך, אויף נאָכן אָפּלעבּן. א, אַ צוואָה, אַ ירושה. א, עפּעס בּ רושה.

א, עולמות. א, אַ הויז אויף עולמות. „און
די פֿעטער [= פֿאָטערס] פֿון בײדע זענען
געשטאָרבן און...האָבן איבערגעלאָזט זייערע
הײַזער“, נחב, ‚מעשׂה בחכם ותם‚. „איך זאָל
עס א, דעם אַנדערן מענטשן וואָס וועט נאָך
מיר קומען“, מס, קהלת תּקע“ט, ב, 18. „אונדז,
יתומים, האָט ער ניט איבערגעלאָזט גאָרניט,
אַחוץ זײַן מזרח־שטאָט אין בית־מדרש‚„ ממוס,
'בּישיבֿה של מטה'. „עס טוט [דעם האָן]
משונה הנאה וואָס ער האָט אַ זכיה...
איבערצולאָזן זײַנע פֿעדערן בּירושה דעם גוטן...
שוחטל‚„ ממוס, קליאַטשע. א, אַן עזבֿון מיט
ווערטפֿולע ווערק. א אַ ניט־פֿאַרענדיקטן מ־

,

גוסקריפּט. א, גײַסטיקע ווערטן פֿאַר דעם

„

איבערבלײַב האָט רינגעלבלום געוואָלט א, די
געשיכטע פֿון געטאָ“, אפֿא, טמז, 30 III 1964.
„דער טאַטע עליו־השלום האָט איבערגעלאָזט
אַ שיינעם נאָמען“, שע, מאָטל. „אָבער אַ חכם
איז ער געווען, אוצר חכמות האָט ער
איבערגעלאָזט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „
מענטשן לאָזן זעלטן איבער אַ ווידוי, פֿעלקער —
קיינמאָל ניט“, קאָר II.

21. לאָזן עמעצן נאָך זיך, נאָכן אָפּלעבן.
„העט ער כאָטש געווען אַ קדיש
איבערגעלאָזט“, עט, סערקעלע. „דער טאַטע האָט
באַדויערט וואָס ער לאָזט ניט איבער קיין קדיש,
וואָס מיט אים ענדיקן זיך פֿינף הונדערט יאָר
רבנות“, אָפּאַ, 'יוסף קאַרו'. „אָט...
אַוועקגעקומען אַ ייִדישער לערער...איבערגעלאָזט אַן
אַלמנה מיט יתומים“, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. „'טובֿ ינחיל בני בנים, (משלי, יג,
22): אַ גוטער לאָזט קינדס־קינדער איבער„,
מס. „אַז איך וועל איבער הונדערט יאָר גוטע
קינדער א', וועט מען מיר אויף יענער וועלט
דעם גרעסטן כּבֿוד אָפּגעבן“, ספֿר שבֿחי רמ“ל,
לעמבערג, יאָר? „די וואָס לאָזן איבער קינדער
וועלכע היטן אָפּ תּורה ומצוות...לעבן אייביק“,
תּניא. „און זיי האָבן איבערגעלאָזן טויזנטער
תּלמידים ותּלמידות, עובֿדי ה, באמת ותּמים„,
שמו פלאי, ספֿר האמת והשלוס, לעמבערג 1893.
22. לאָזן נאָך זיך אַ צייכן, סימן אע. אַ
רעזולטאַט פֿון זײַן אויף אַן אָרט. אויך פֿיג.
א אַ שטאַרקן (שווערן) רושם. א אַ גוטן
,   ,
אײַנדרוק. א, אַ חותם אויף דורות. אויך: א,

אַ שלעכטן בײַטעם. א, סל אַדן אין שניי.
י

ניט א, קיין סליאַד נאָך זיך = פֿאַרפֿאַלן ווערן,
פֿאַרשווינדן, אַנטרונען ווערן ווי אין וואַסער
אַרײַן. „אַלע אײַלן, יאָגן זיך פֿלינק...און לאָזן
נאָך זיך איבער אויפֿן הימל אַ בלויען, לויטערן
שטעג“, ממוס, קליאַטשע. „דער נעכטיקער טאָג
איז פֿאַר אים געווען אַ טאָג פֿון צרות און
יסורים וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ סליעד פֿון
סיניאַקעס אויף זײַן לײַב“, ממוס, מסעות.
„נצחונות און מפּלות פֿון אַרמייען, פֿון גאַנצע
פֿעלקער האָבן איבערגעלאָזן זייערע טיפֿסטע
שפּורן אין דער צײַט־כראָניק“, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II. „ייִדן זײַנען
דורכגעגאַנגען דורך דײַטשלאַנד אויף זייער וועג קיין
פּוילן, אָבער אויפֿן וועג האָבן זיי
איבערגעלאָזט הונדערטער טויזנטער מענטש־קרבנות„,

אפֿא, טמז, 1966 III ll. ניט א, נאָך זיך קיין
זכר, קיין שפּור. *א, (נאָך עמעצן) אַ נאַס
אָרט = וואוילינגעריש, א, בלוט אויף דער

ערד. „דו ווילסט מיר זאָלן א, פֿון דיר אַ
נאַס אָרט?“, חג.
23. אָנפֿאַרטרויען, איבערגעבן (מיט
באַשטימטע תּנאָים אָדער אָן שום תּנאַי) אין
עמעצנס רשות. א, אין גוטע (שלעכטע) הענט.
א, די שטוב (בײַם אַוועקפֿאָרן) אויף גוטע הענט.
א, דעם באַגאַזש אין דעפּאָ. א, די קינדער
בײַ דער באָבען. א, דאָס געשעפֿט אין די
הענט פֿון די קינדער. „זאָרג זיך ניט, לאָז
עס איבער צו מיר“, רייד. „האָט ער
איבערגעלאָזן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין יוספֿס
האַנט“, תּי, בּראשית, לט, 6. “און וואָס וועט
איר טאָן אין טאָג פֿון רעכנשאַפֿט...און וואו
וועט איר א, אײַער רײַכטום“, תּי, ישעיה, ו,
3. „אַז איך גיי אַוועק צו מײַנע עסקים, לאָז
איך איבער דעם שליסל בײַ דעם שיקסל. איך
מעג א, אומגעציילט געלט, וועט מיר ניט
געגנבֿעט ווערן ניט אַ קאָפּיקע“, יאַ, שטערנטיכל.
„ביסט פֿון מיר אַוועקגעגאַנגען און האָסט
מעך איבערגעלאָזט אין שלעכטע הענט“, ספֿר
שיח ספֿונים, יאַס 1843. „נו, וועל איך מיך
אַוועקלאָזן אויפֿן וואַסער און א, מײַן
איינאיינציק קינד אויף פֿרעמדע ה[illegible]נט?“, פּרץ,
'אָן מזל'. „לאָזט ניט איבער צו אײַער ווײַבס

צונג די ממשלה אין הויז,,, דער לעבעדיקער, פֿאַש, 1952 I ־י 6. ,,איז ניטאָ קיין איינציקער טעם פֿאַרוואָס די אַרבעטערשאַפֿט זאָל...א, די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אין די הענט פֿון ניט־פּראָלעטאַרישע ריכטונגען,,, זשיט IX, נ״י 1919.

24 פֿאַרלאָזן אַן אָרט אָדער אַ שטעל. א,

.

דאָס שטעטל וואו מען איז געבוירן געוואָרן און אַוועק אין דער גרויסער שטאָט (זיך לאָזן איבערן וואַסער, ים). א, די היים און אַוועק אָן אַ זײַ־געזונט. ,,האָט איבערגעלאָזט דײַטשלאַנד...און איז געוואָרן אַ פֿולשטענדיקער פֿראַנצויז,,, מר, לעבנס־באַשרײַבונג פֿון באַרימטע מענער, נ״י 1906. ,,דער פּועל...[איז]...ניט קיין אייביקער קנעכט, נאָר ווען ער וויל לאָזט ער איבער דעם בעל־הבית און גייט אַוועק,,, שהמ, ו/ב.

25. (פֿאַרלאָזן אַן אָרט און) לאָזן עמעצן אָדער עפּעס אָן השגחה, אָן שוץ. א, אויף גאָטס ב אַ ר אָ ט, ב אַ ו ו אָ ר, ג ע נ אָ ד. א, די אַלטע מאַמע אויף גאָטס באַראָט. א, די קינדער אין שטוב און ניט באַהאַלטן די שוועבעלעך. מע טאָר ניט א, אַליין אין שטוב

אַ געווינערין, אַ חולה, אַ חתן, אַ כלה —
פֿגל. א, אויף הפֿקר די קרעטשמע = מיינט
אויף די שטובֿ, די קראָם. "באַלד טאַקע
געשווינד אַוועק, איבערלאָזנדיק זײַנע חבֿרים אויף
גאָטס באַוואָר",, ממוט, שלמה. ,,איך קען זי
אויף לאַנג ניט א, אַליין. ווער ווייסט וואָס
זי קען מיט זיך טאָן", ספּ, סודות. ,,זי וואָלט
גערן אַוועק פֿון שטובֿ, נאָר זי האָט אים
ניט געוואָלט א, אַ קראַנקן",, חג, טמז,
6 XII 1963. ,,ווי קען אַ מאַן אַוועקפֿאָרן און
א אַזאַ פֿאַרשוינטע אַליין אין דער היים",,,
,

באַש, פֿאָך, 17 I 1964.

איבערלאַטע(נע)ן

26. דזוו ב 25, נאָר בײַ אַ באַזונדער
שווערן מצבֿ פֿון דעם וואָס בלײַבט. א, אויף
ה פֿ ק ר. א, (ווי) אויפֿן ו ו אַ ס ע ר. א, די
קינדער אין וואַלד. א, אין דעם שׂונאס הענט.
א אַ מעוברתע, אין אַנדערע אומשטענדן. א,
,
מיט אַ ממז(י)ר און אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע.

*א אַ מיידל מיט אַ פּעקל = אין צושטאַנד
,
פֿון שוואַנגערשאַפֿט. אַוועק אין מרחקים און
א, די ווײַב אַ וויסטע עגונה. „אַז דו וועסט
זען דײַן שׂונאס אייזל ליגן אונטער זײַן
משׂא, זאָלסטו זיך אָפּהאַלטן פֿון א, צו אים“,
תּי, שמות, כג, 15. „דער מאַן איז פֿון איר
נעבעך אַוועק און האָט זי איבערגעלאָזט מיט
אַ פּעקל פֿון זיבן חדשים“, ל. פּימסענשטיין,
תּיקון לייבאַלע, לעמבערג 1894. „ביידע שפּײַען
זיי אויף די קינדערלעך קלעק, לאָזן זיי איבער
און פֿליִען אַוועק“, ממוס, שירה. „אים
איבערגעלאָזט ווי אויפֿן וואַסער, עלנט, אָרעם און
שוואַך“, שע, קליינע מענטשעלעך. „עס טוט
אפֿשר ווייי אויף הפֿקר א, אַ שטילע פֿרייד„„
אַר, 'מײַן גליק'.
27 פֿאַרלאָזן, אַוועקוואַרפֿן אַ מיינונג, אַן
.
אײַנשטעל. אָפּזאָגן זיך פֿון דעם וואָס איז
געווען וויכטיק אָדער טײַער. א, די
יוגנטאידעאַלן און ווערן אַ פּראַקטישער
געשעפֿטסמאַן.
28. אַוועקגעבן, אַוועקשענקען. אויפֿגעבן. א,
דעם חלק ירושה דעם קראַנקן ברודער. *א,

עמעצן (מיט) קנין און (מיט) מנין = א) מיט אומבאַוועגלעכן פֿאַרמעגן און מיט באַר געלט; ⁾) איר, מיט גאָרניט.

29 פֿאַרקוקן, ניט לייגן קיין אַכט. מוותּר

.

זײַן. פֿאַרשווײַגן. א, אַ באַליידיקונג. א, אַז מײַנס (זײַנס) זאָל איבערגיין. א, אַלע שאַרפֿע רייד און זיך געבן די הענט.

3O. לאָזן עמעצן אַליין אָדער מיט עמעצן, זיך ניט אַרײַנמישן, ניט שטערן. א, דעם חבֿר, ער זאָל אַליין באַשליסן. א, חתן־כּלה אַליין, זיי זאָלן זיך באַקענען. א, אויג אויף אויג.

31. איבערגיסן, איבערזײַען. איבערטריפֿן. איבערשמעלצן. „ווען ווײַן ווערט פֿאַרסימלט, נעם אַן אייל נײַ לײַוונט אָדער געוואַנט, לאָז איבער אויף אים עטלעכע מאָל און שווענק אָפּ פֿון אים דעם סימל מיט ריינע וואַסער„, איין ביחל..., שקלאָוו 1795. א, שמאַלץ. א, צעשמאָלצענעם מעטאַל פֿון איין כּלי אין אַ צווייטער.

32. לאָזן אויף שפּעטער, אויף לעצט. א, דעם זינגער (הויפּטרעדנער, עדות) אויף גאָר צום סוף פֿון.... א, אַ טרומף אין האַנט.

33. דזוו דורכלאָזן. אַלעמען באַרעדן און

קיינעם ניט א'.

מיט ז י ך — פֿון זיך, אָן אַ כּוונה. עס האָט זיך עפּעס (גאָרניט) איבערגעלאָזט. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

איבערלאַטכע(נע)ן — טרוו. לאַטכן, לאַטכע איבער, ~געלאַטכנט, ~געלאַטכעט. לקחענען. גנבֿענען נאָכאַנאַנד, אַ סך, אַ לענגערע צײַט. „וואָס די טײַערע קונהטעס וועלן נאָך א'„, רייד. ־עניש. ־כער(־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבערלאַטע(נע)ן — טרוו. ־טע איבער, ~געלאַטעט. פּפֿ: ~לאַטעווען. 1. לאַטען

איבערלאַכן

נאָכאַמאָל, אַנדערש. לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. א, די אַלטע קאַפּאָטע פֿיג. א אַן אַלטע

, .

פּיעסע. „זיי דענקען אַז עס איז גענוג איבערצולאַטעווען אַן אַלטן געזעץ...אום די אָרדענונג צו דערהאַלטן“, פֿאַש, 2 .4 ▯ 1890 II. לאַטען אַ סך מאָל. „וויפֿל מאָל האָב איך שוין איבערגעלאַטעט דײַנע הויזן!“, רייד. ־עניש.

איבערלאַכן — לאַך איבער, ~געלאַכט. אוטוו — אָפּלאַכן פֿון אַ סך. א, פֿון אַלץ און פֿון

אַלעמען. טרוו — לאַכן העכער פֿאַר אַן
אַנדערן. א, אַלע אַרומיקע. מיט ז י ך — לאַכן
אַזוי לאַנג בּיז דער דראַנג צו לאַכן גייט
אינגאַנצן אַוועק ־עניש.

·

איבּערלאַנג — אַדי. לאַנג איבּער דער מאָס;
לענגער פֿון עפּעס וואָס איז אויך לאַנג. אַן
א'ע דרשה פֿאַראַן אין עסטיש קורצע,
האַלבּ. ,,
לאַנגע, לאַנגע, אָנדערטהאַלבּן־לאַנגע און א'ע
קלאַנגען,,, ייִבּל 1 ,XI־2.
איבּערלאַנגזאַם — אַדי. וואָס איז צו
פּאַמעלעך, לאַנגזאַם איבּער דער מאָס. אַן א'ע
בּאַוועגונג ־קייט.

·

איבּערלאָנטשען — טרוו. ־טשע איבּער, ~
געלאָנטשעט. פּד. אַריבּערפֿירן, איבּערשליסן,
איבּערשטעלן אויף אַן אַנדער וואָלטאַזש (
עלעקטרע), אין אַן אַנדער ריכטונג, לויף; מיט אַן
אַנדער קראַפֿט. א, דעם (עלעקטרישן) שטראָם.
א, דעם וואַגאָן.
איבּערלאַסט — די, ־ן. ber־1ast :וּ d M.
1. צו שווערע משׂא. לאַסט וואָס איז שווער
צו טראָגן אָדער פֿירן. שלעפּט דאָס אייזעלע

די א'! ניט מיטנעמען קיין א, פֿון געפּעק.
2. גרויסע הוצאה וואָס דריקט ווי אַ שווערע לאַסט. „דוא זיכשׂט וואול דיא גרושׂי הויז האַלטונג אונ, איבּר לאַשׂט דיא מיר האבּין, מיר מוזין אַלי שנה יותר אַליש אלף ר„ט [= רײַכסטאָלעװ] אין אונזיר הויז האַלטונג האבּין„, גה, 110.
3. אַרכ. בּאַלעסטיקונג. הכבּדה. „פֿיל לײַכט וואורדן זיא זײַן צו אײַך מײַני ריד צו איינם איבּר לאַשׂט אונ, צו מידיקייט„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „ער אויך בּײַא דען מלך זעהר אַן גנעהם וואַר...קיינם צום איבּר לאַשׂט וואַר„, ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבּז, תּודת משה, קאַרלסרוא 1770.
4. אַרכ. עוולה. שאָדן. „איר ווישׂט וואול דאשׂ איך קיינם פֿון אײַך קיין איבּר לאַשׂט גיטאן„, צאינה, תּרגום שני. „דוד...מיט זײַנע קנעכט זענען געוועזן מיט די שאָף פֿון (נבֿל) און האטן אים קיין א, געלאָזט טאָן“, ספֿר חסידים, אָרט? תּק„ז? „איך האבּ מײַנם גזינד גרושׂי איבּר לאַשׂט גיטאן מיט בּיטרי שווערי קללות מיט גרושׂי (זלזולים) האבּ זיא זער (מבֿייש) גיוועזן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, פֿפֿדמ תּמ„ה? 5. אַרכ. אונטערדריקונג. „נייארט

דאשׂ בּיט איך דיך, דוא וועלשׂט דײַן האַנד
איבּר מײַני בּרידר האַלטן דז זיא ווײַטרשׂ
קיין איבּר לאַשׂט מער זאָלטן האבּן,,, מבּ,
מעשׂה רלבּ.
איבּערלאַסטן — טרוו. לאַסט איבּער, ~
געלאַסט. 1. אָנלאָדן (אויף עמעצן, עפּעס) אַ
צו שווערע משׂא. א, דעם טרעגער ער זאָל

955

פֿאַלן פֿון די פֿיס; א, די בּויד זי זאָל ניט
קענען זיך רירן פֿון אָרט. ,,אַרומלויפֿן אין
גאַס און כאַפּן דראָשקאַרעס וואָס שמײַסן צו
שטאַרק די פֿערד...אָדער א, די פֿערד, ווילט
זיך נישט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. אויך
פֿיג. א אַן אַרטיקל מיט צו פֿיל נײַע אידייען.
,
2. מאַכן עמעצן אָדער עפּעס אַרבּעטן איבּער
די כּוחות, איבּער די מעגלעכקייטן. א,
אַרבּעטער מיט צו גרויסע נאָרמעס. א, די קינדער
מיט צו פֿיל היימאַרבּעט. ,,קיין שום מאַשין
טאָר מען ניט א'“, ייִשפּ XX, 3. 3. באַשווערן,
בּאַעוולען. ,,מ[א]לעשׂטירן — בּשווערן,
איבּרלאַשׂט[ן],,, י. מאַרשן, חנוך לנער פֿיורדא 1774.

,

מיט ז י ך. ־ונג.

איבערלאָפּטשען — טרוו. ־טשע איבער,

~געלאָפּטשעט. אוקר. 1. אויסעסן (מיט אַ

זײַערס) פֿאַרדאַרבן. קאַליע מאַכן. א אַ גוטן

. ,

מלבוש בײַם רייניקן. 2. איבערגריזשען. א,

ביינער ווי אַ הונט. 3. שטאַרק צערייצן. א,

דעם כלבֿ אויף דער קייט. 4. (אומאיידל)

במקום־ווערבֿ פֿאַר איבעררײדן, איבערשרײַען,

איבערטומלען אע. אויך פֿאַר איבערקומען (

אויפֿהערן קרעכצן פֿון ווייטיק).

איבערלאָפּנ(י)ען — ־נ(י)ע איבער, ~

געלאָפּנ(י)עט. סל. אוטוו — (איבער)פּלאַצן. אַלע

גלעזער האָבן איבערגעלאָפּניעט. טרוו —

מאַכן עס זאָל (איבער)פּלאַצן (אַ צאָל). א אַלע

,

באַלאָנען.

לאַקירט. אויך: ~לי ֿיר איבער, ~(גע)־

אַק

איבערלאַקירן

רן. באַדעקן מיט

— טרון. ־

-

לאַק נאָכאַמאָל (בּעסער, אַנדערש). א, דאָס מעבּל. א, די שיך. ־ונג.

איבּערלאָקירן — טרוו. ־קיר איבּער, ~(גע)־לאָקירט. 1. איַינפּלאַצירן אויף אַן אַנדער אָרט. א, די פּרעמדע סטודענטן. 2. נאָכאַמאָל (בּעסער, אַנדערש) מאַכן לאָקן. א, די האָר, די פּריזור. מיט ז י ך. ־ונג.

איבּערלאַשטשען — טרוו. ־שטשע איבּער, ~געלאַשטשעט. 1. צערטלען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, אַלע קינדערלעך. 2. צו פּיל, איבּער דער מאָס לאַשטשען. א, די קינדער און זיי פּאַרציִען. מיט ז י ך — קזוו.

איבּערלהכעיסן — [...לעהאַ'כּעסן] טרוו. להכעיס איבּער, ~געלהכעיסט. איבּערשטײַגן אין טאָן צו־להכעיס. א, (און אָנלערנען) דעם צולהכעיסניק.

איבּערלויבּן — טרוו. לויבּ איבּער, ~געלויבּט. 1. לויבּן צו שטאַרק, צו פּיל, צו הויך, מגזם

זײַן מיט שבֿחים. א, דאָס נײַע בוך. א, דאָס
בילד (אויף אַן אויסשטעלונג). א, די סחורה.
2. לויבן נאָכאַמאָל, אויף אָן אַנדער אופֿן.
לויבן און א, דעם זעלביקן שרײַבער. 3. לויבן,
רימען אַ צאָל. א, אַלע תּלמידים אין קלאַס.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ערײַ.
איבערלויגן — טרוו. לויג איבער, ~געלויגט.
איבערווייקן אין לויג. א, פֿאַרברודיקטע גרעט.
איבערלויזן — ← איבערלײַזן.
איבערלויכטן — ← איבערלײַכטן.
איבערלוינען — אוטוו, דריטפּערזאַניק. לוינט
איבער, ~געלוינט. שטאַרק לוינען. „די

אונאיבערלויפֿן

—

טערנעמונג וועט מיר א', זי וועט אַרײַנברענגען
אַ שיינעם רווח„, רייד.
איבערלויערן — אוטוו & טרוו. ־ער איבער,
~געלויערט. לויערן אַ לענגערע צײַט (און
כאַפּן, דערגרייכן). א אַ גאַנצע נאַכט און
אָנ,
פֿאַלן. א, די באַנדיטן.
איבערלויף — דער, ־ו. 1. אַקט פֿון

איבערלויפֿן. אַן א, אויף דער אַנדערער זײַט גאַס.
א, צום שׂונא. 2. ווילדער אָנגעלויף, אָנפֿאַל,
איבערפֿאַל. „זיא פֿערכטן זיך פֿר איין
איברלוף ח״ו אַלשׂ אַך שיר גשאַך„, מבֿ, מעשׂה
קעא. „נעכטן בײַנאַכט האָט מען אויף אונדזערע
וועגן דערהרגעט אַכט ייִדן. פֿאַרשטייט איר
שוין אַליין אַז נאָך אַזאַ א, שרײַבט זיך שוין ניט“,
בריוו. 3. אַרכ. אָנגעלויף, אָנגעלאַף. „אויך
זאָל קיין איבר לויף ניט זײַן מיט דיא מצות
צום אובֿן [= אויוון] צו טראָגן, דען עשׂ קומט
צו גרושׂ חמץ“, עח, נא/ד. א־ר ע ר.—
סיסטעם רערן וואָס ציִען זיך אויף אַ ווײַטן
מהלך און פֿירן צו אַ פֿליסיקייט (וואַסער,
אייל), פֿווב.
איבערלויפֿן — אוטוו. לויף איבער, ב י ן
(& ה אָ ב, ← אויסלויפֿן) ~געלאָפֿן. 1. לויפֿן
אויף אַ באַשטימטן שטח. א, אויף דער
אַנדערער זײַט גאַס. א, פֿון איין שכנה צו דער
צווייטער. א, הונדערט מעטער אין אַ
פֿאַרמעסט. 2. לויפֿן נאָכאַמאָל. „דו האָסט פֿריִער
אָנגעהויבן לויפֿן. לאָמיר א„ ווען מיר זען
ווער עס לויפֿט גיכער“, רייד (קינדער,
יוגנטלעכע). 3. לויפֿן אַ סך, כסדר אָדער אַ
לענגערע צײַט. „וויפֿל עס קומט אויס

איבערצולויפֿן ביז מע פֿאַרדינט אוף שבת“, רייד.
*עס וועט נאָך גענוג וואַסער א, = עס וועט
נאָך גאַנץ לאַנג געדויערן. „דער מחותּן
ווינטשעוועט...זי זאָל דערלעבן חתונה מאַכן דעם
מיזיניק. דאָס מיינט מען מיך. די מאַמע גלעט
מיך און זאָגט עס וועט נאָך גענוג וואַסער
א„„ שע, מאָטל. 4. איבערשפּרינגען. א, ווי
אַ וועווערקע פֿון איין צווײַג אויף דער
צווייטער. „די בלוילעכע פֿלעמעלעך, איבערלויפֿנדיק
פֿון איין סענקעלע צום צווייטן, האָבן זיך
צוזאַמענגענומען אין איין...אָריגינעלן דעסן„, א.
ז., אַ ווידוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909.
5. גיך, אַזוי ווי אומבאַמערקט פֿאַרבײַגיין
(וועגן צײַט). עס זײַנען איבערגעלאָפֿן עטלעכע
וואָכן. „די וועלט איז געגליכן צו אַ גרויסן
יאַריד...דער נאַר פֿאַרפּלוידערט די צײַט ביז
דער יאַריד לויפֿט איבער“, אמד, אמרי בינה,
ווילנע 1864. “האָט קוים צוגעצויגן מיט די
ציין אַז די דרײַ טעג זאָלן א'„, ש. בעקערמאַן,
דער זשענסקער וואָפּראָט, אַדעס 1887. „די
נאַרישע, קינדערשע יאָרן זײַנען איבערגעלאָפֿן
בײַ איר ווי אַ חלום„, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
„עס זײַנען אַזוי איבערגעלאָפֿן אַ צענדלינג
יאָרן„, אַר, 'דער בוים'. „און ווען איך זאָל

זײַן פֿאַרזיכערט מיט אַלע אַכציק יאָר — פֿליִען
זיי דאָך איבער כּהרף־עין, און אַ סך פֿון זיי
איז שוין איבערגעלאָפֿן פּונקט ווי זיי זײַנען
גאָרניט געווען,,, 'אַ תּפֿילה אויף ייִדיש בײַ
די בראַצלעוווער חסידים,, [לויט צײַט, טמז,
29 1965 I]. ,,עס איז שוין אַזוי איבערגעלאָפֿן

איבעדלויפֿן

די גאָלדענע טעג [= די ערשטע טעג נאָך
דער חתונה], זאָגט מלכּה: אַבראַם, מע דאַרף
שוין זען עפּעס טאָן,,, ש. בעקערמאַן, דיא
גוטע פֿרויא, ווילנע, יאָר? ,,עס איז אים אַזוי
איבערגעלאָפֿן דער לעצטער טאָג פֿון זײַן
לעבן,,, ל. יאָסעלאָוויץ, ר, עזריאל..., ווילנע 1892.
6. איבעררינען אַ ראַנד פֿון אַ כּלי. די יויך
איז איבערגעלאָפֿן. היט די מילך זאָל ניט א'.
,,און זאָל דשׂ כּלי ואול פֿול גיסן דז עז שיר
וויל איבר לויפֿן,,, לט1, סג/ב. ,,[בײַם
פֿאַרקויפֿן ביר] זאָל מען אַ כּלי אונטערשטעלן,
די כּלי וואו מען מעסט זאָל א,, דאָס קיין
שום זאָל ניט געמאָסטן ווערן“, עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. *עס לויפֿט
אים איבער די סמאַהע (שמײַע, סלינע) =

א) באַקומט אַ פֿול מויל מיט שפּײַעכץ בײַם דערזען אַ געשמאַקן מאכל; בּ) גראָב. ער באַגערט זייער שטאַרק. „ווען ער דערזעט זי, לויפֿט אים איבּער...“.

7. איבּערפֿלייצן אַ בּרעג. 'ותירוש יקבֿיך — , (משלי, ג, 10) פֿאַרטײַטשט סלל: „איבּר

י◻רצו ,

לויפֿן„ [תּי: „פֿלייצן„]. „דא גינג דיא זון אויף, דשׂ דער שניא צו שמעלצט, דשׂ אַלי דיא בעך פֿול דר פֿון וואַרן, אונ אַלי איבּר

,

לויפֿטן [אַרכ פּאָרעם] פֿון דען גרושׂן שניא“, מבּ, מעשׂה קצה. „איין רינדל פֿון איין וואַשׂר וועלכשׂ אימר בּרייטר און גרעשׂר טוט גיזײַן, דאשׂ וואַשׂר טוט...איבּר לופֿן“, עיון, כט◻ב.

8. גיך עפּעס טאָן (דערבײַ לויפֿן די פֿינגער אַזוי ווי עס לויפֿן די פֿיס). „טוט אַ לויף צו דער פּיאַנאָ און לויפֿט איבּער הין און צוריק מיט די פֿינגער“, י. אָרנשטיין, רעיונות י◻tראל, יאַס 1893.

9. ◻.בּערלעבּן עפּעס צו (אויף) גיך, פּלוצעם (דאָס געפֿיל, די איבּערלעבּונג איז ווי אַ שטראָם). אַ געדאַנק איז איבּערגעלאָפֿן אין

קאָפּ. „זי דערפֿילט אַ וואַרעמען שטראָם, איבערלויפֿנדיק איר אין אַלע גלידער“, ממוס, שלמה. “דעם שמשׂ איז איבערגעלאָפֿן אַ דראָזש איבערן לייַב, דערהערנדיק די ווערטער 'פֿאָניע גנבֿ'“, ה. אַקערמאַן, טמז, 1958 III ו 9. „אַ ציטער איז איבערגעלאָפֿן איבער זייַן לייַב און ער האָט דערפֿילט די שווערקייט פֿון זיך אַליין„, א. נאָנטאַר, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No.

10. גיך זיך בייַטן (וועגן געפֿילן, שטימונגען). א, פֿון טרויער צו פֿרייד. „איר געזיכט איז געוואָרן אָנגעצונדן מיט רויטע פֿלעקן און באַלד איבערגעלאָפֿן צו בלייך„, מ. דלוזשנאָווסקי פֿאָר, 6 1964 XII.

11. אַריבערגיין פֿון איין צד, גלויבן, גרופּע, פּאַרטיי אע צום צווייטן צד אאַזוו. אַ בוגד וואָס וועט נאָך אינגאַנצן א, צום שׂונא. א, צו דער מערהייט־פּאַרטיי. אורח פֿאַרטייַטשט 'מיום נפֿלו, (שמואל א, כט, 3): “זייַן איבערלאופֿען“.

12. באַדעקן פֿאַרציִען מיט אַ דינער שיכט איבער עפּעס. פֿאַרהויכן. „אַנדערע מענטשן שרייַבן מיט די פֿינגער אויף די שויבן ווינטער, ווען די פֿאַרע איז איבערגעלאָפֿן. זאָלן זיי זיך

היטן שבת דאָס ניט צו טאָן,,, חא, נט/א.
איבערלויפֿן — אַקוזוו. ← דפֿוו. 1.
אַריבערלויפֿן; דורכלויפֿן. ,,מען איז אין איין שרעק
איבערגעלאָפֿן דאָס שטיקל וועג...שרײַענדיק בײַ

זיך אין האַרצן 'שמע ישׂראל',,, ממוס, שלמה.
,,אַז עס לויפֿט איבער [דעם וועג] אַ שוואַרצע קאַץ, שפּײַט מען אויס דרײַ מאָל. מע טאַנצט אונטער און מע רופֿט אויס: 'גיי אין דײַן רו אַרײַן',,, פֿגל. 2. לויפֿן גיכער ווי אַ צווייטער, איבעריאָגן לויפֿנדיק. ,,ועסט זען, איך וועל דיך א'!,,, רייד (קינדער, יוגנטלעכע).
“מע קען ניט א, די לבֿנה,,, שוו = מע קען זיך ניט פֿאַרמעסטן אויף עפּעס וואָס ס'איז ניט מיגלעך צו דערגרייכן. 3. אָנשטויסן (שעדיקן) עמעצן בײַם לויפֿן. אַ פֿערד איז אים איבערגעלאָפֿן און ער איז געבליבן ליגן אַ צעקלאַפּטער. אויך פֿיג. ,,מיט וואָס וועסטו זײַן באַוויליקט און וועסט אונדז מכפּר זײַן אויף די אַלע חטאָים וואָס זיי זײַנען איבערגעלאָפֿן און איבערגעפֿאָרן אויף אונדזערע קעפּ“, סדר סליחות, וואַרשע תּרפּ“ז (בהוצאת י.־מ. אַלטער).

4. שטערן אין עפּעס (אַזוי ווי שטערן אין
לויפֿן), פֿאַרלויפֿן דעם ו ו ע ג. ,,דאָס האָט
אים פֿאַרדראָסן וואָס מען איז אים
איבערגעלאָפֿן און האָט דערפֿאַר אָנגעשריבן אַ...שריפֿט
וואו ער האָט חוזק געמאַכט“, קמ, 1867, No
24 פֿאַרגינען יעדן זײַן פֿאַרמעגן, לויפֿן ניט
-
. ,,
איבער יענעמס וועגן“, ש. מ. אָטטראָווסקי,
דער מאַ□קעראדן באַל, וואַרשע 1884.
5. גיד דורכקוקן, דורכלייענען,
דורכשטודירן. א, די פּאַרטיטור. א, דאָס בלאַט מיט
די אויגן. “געעפֿנט דאָס פּאַפּירל, מיט די אויגן
איבערגעלאָפֿן די שורות“, מ. דלוזשנאָווסקי,
פֿאָר, 3 XII 1964. ,,ער איז אַליין מיט איר
איבערגעלאָפֿן די ראָלע, אָבער ניט מער ווי
יענע סצענעס אין וועלכע ער איז מיט איר“,
פֿאָר, 1965 □י 6. 23 I. גאָר גיך איבערטראַכטן.
א, (אין קאָפּ) די ענטפֿערס, די חשבונות אע.
7. איבערשטײַגן, איבעריאָגן אין וויסן,
כשרונות, כוחות. א, דעם חבֿר פֿריִער אין קלאַס
און דערנאָך בײַ די עקזאַמענס. ,,ווער וועט
ווען א, בײַם דעקלאַמירן אויף אויסווייניק
פּרצעס 'מאָניש'?“, רייד (יוגנטלעכע, ווילקאָמיר,
ליטע).

8. אַרכ. גיך אײַננעמען, באַזיגן און
פֿאַרנעמען אַ לאַנד, אַ שטאָט. באַהערשן. דער שׂונא
קען א, דאָס לענדעלע אין עטלעכע טעג. שווב
פֿאַרטײַטשט 'פּרץ, — ,,העבֿרת גבֿול וחזוק...
איבּר לויפֿן, גוואַלט זאַמין“. אויך:
אַרויפֿצווינגען עפּעס אויף עמעצן. ,,הגרם איז דאשׂ
דיא מחבּרי הספֿרים דען עולם איבּער לופֿטן“
[אַרכ פֿאָרעם פֿרגל בּײַ אוטוו, בּ7], ,פּנקס
,
אַה,,ו', כּרוז קכה [ש. אָסף, ייִבּל III
9. בּאַפֿאַלן, טרעפֿן אומגעריכט. דאָס
אומגליק איז אים איבּערגעלאָפֿן. ,,פֿיל מעכטיגי
סכּנות...דיא אונזר קהילה האבּן איבּר לופֿן,,,
ווינץ. [דאָ ווי בּײַ בּ□ — איבּערלוי'פֿן, דטשמ,
אַרכ].
10. איבּערלעבּן. ,,א, איין טאָג אין געטאָ
איז ווי פֿריִער — אַ יאָר,,, רייד. ,,ער איז קוים
איבּערגעלאָפֿן די נאַכט און מיט שפּראָץ אויף
טאָג אַוועק צום ערשטן מנין“, פּ. רודאָי, טמז,
.I□ 19□2 29
מיט ז י ך — אויך: 1. לויפֿן צו פֿיל,
איבּער די כּוחות. א, זיך און אַוועקפֿאַלן אַ
פֿאַרמאַטערטער. 2. סתּם אַ ביסל לויפֿן, גיך

איבערלופֿטערן

שפּאַצירן. דורכלופֿטערן זיך. א, זיך אַ ביסל אויף דער פֿרישער לופֿט. „איר ווילט זיך אפֿשר א'? — האָט ער זיך געווענדט צו [איו] — קומט — האָט זי אויסגעשטרעקט אַ האַנט„, אָפּאַ, אַליין. 3. לויפֿן און אויפֿהערן. א, זיך און זיך צוזעצן. 4. ווי אוטוו, ב5. „קען זיך נאָך דער אָרעמאַן טרייסטן...עס וועט זיך א, דאָס ביסעלע יאָרן, קען זײַן אַז ער וועט דאָרטן רײַך זײַן“, הרבֿ ש. ק. אײַנבונ&#xFFFD;, אמרי שמואל III, וואַרשע 1912.

־ונג. ־עכ&#xFFFD;ן. ־עניש.

איבערלויפֿער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס לויפֿט איבער, ספּעצ ווער עס לויפֿט (גייט) איבער צום שׂונא, צום קעגנער; בוגד. אורח פּאַרטײַטשט 'נפֿלים, (מלכים ב, כה, 11): „איבר לויפֿער“ [תּי: „איבערגעלאָפֿענע„]. „די צאָל פֿון די אָפּטריניקע, פֿון די א'...באַווײַזט מיר: איידער אַ שיף גייט אונטער, אַנטלויפֿן די מײַז“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „ וואַרטסטו שפּעט אַזוי אויף קויפֿער, / בעת דײַן זון דער א, / זיצט פֿון דײַן באַרוף באַליי,

דיקט, / בײַ די שנײַדערקעס און פּריידיקט,,,
אַל, 'צווישן די קראָמען'. ,,ווען מיר זאָגן ייִד
— דאַן מיינען מיר ניט א'ס האַסטיק‘‘, בּראָד,
נש. ,,...איז גאָר אַן א', אַ קונצנמאַכער, אַן
אָפּאָרטוניסט‘‘, אאר, פֿאַש, 1 II 1952.
־ערײַ — ,,די שוואַכע, די וואַקלענדיקע
ראַטעווען זיך דורך א',,, מוק, טמז, 8 XI 1957.
איבּערלויפֿעריש — אַדי. וואָס איז ווי בּײַ
(כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן איבּערלויפֿער. א'ע
פּחדנות. ־קייט.
איבּערלויפֿערלעך — די, במ. קינדערשפּיל
מיט אַ פֿאַרמעסט איבּערצויאָגן איינער דעם
אַנדערן.
איבּערלוסקען — טרוו. ־קע איבּער, ~
געלוסקעט. בּאַפֿרײַען פֿון שאָלעכץ אַ סך, אַ
לענגערע צײַט. זיצן און שמועסן און א,
סעמעטשקעס, ניס.
איבּערלופּט — דער, ־ן. 1. אַרכ. איבּערלויף,
בּ2. איבּערפֿאַל, פּלוצעמדיקער אָנפֿאַל. ,,הקהילה
בסכּנה גדולה גווענזין, מן האָט...געהערט דשׂ
ההמון עם ה‘‘ו איין איבּר לופּט בּדיעה האבּין,,,
'כּ‘‘י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III].
2. פּד פֿאָרטקע (אויף זאַוועסעס) צו עפֿענען

-

.

ווינטערצײַט, ווען דאָס פֿענצטער איז פֿעסט
פֿאַרמאַכט, פֿאַרקלעפּט. „דורכן אָפֿענעם א, האָבן
זיך אַרײַנגעריסן אָפּהילכן פֿון ווײַטע פֿעלדער„,
באַש פֿאָך, 18 1964 I.

,

איבערלופֿטיק — אַדי. זייער לופֿטיק,
ווינטיק פֿאַרמאַך ניט דאָס פֿענצטער, זאָל

. ‑—. „

זײַן לופֿטיק — ס'איז דאָ א', ס'איז ווינטיק
און קאַלט“, רייד.

איבערלופֿטערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געלופֿטערט. 1. אַרויסשטעלן און דורכטרייסלען
עפּעס אויף דער פֿרײַער לופֿט כּדי אָפּצופֿרישן
אָדער צו באַפֿרײַען פֿון שטויב, שמוץ אע.
א, די מלבושים אין פֿרילינג. „זײַט זיך מטריח
אַראָפּ אין הויף אַרײַן א, די ספֿרים“, שע,
מעע)יות פֿאַר ייִד, קינדער. „האָסטו מיך
געבעטן קניִען לעבן דיר און א, דאָס בעט„,

איבערלושטשען

מ. שטיקער, טמז, 24 ￼ 1962 I. “וועז זײַן
'בּאַבּע, האָט געלעבּט, און ער פֿלעגט איר
א, די בּיינער מיט אַ שטריק“, ייִז, 'מאַגדאַ'.
2. נאָכאַמאָל, ווידער (אויס)לופֿטערן. א, דאָס
צימער, ווײַל ס'איז שוין ווידער אָנגערייכערט.
3 פֿיג. בּאַנײַען, אָפּפֿרישן. א, אידייען. א,
.
דעם קאָפּ. מיט ז י ך. ־ונג — א, פֿון אַלטע
דאָגמעס.
איבּערלושטשען — דזוו איבּערלוסקען ←.
איבּערלהיימען — [...לעכאַ'ייִמען] אוטוו.
לחײַם איבּער, ~געלחיימט. (שפּאַסיק) מאַכן
נאָכאַמאָל אַ לחײַם. „מזל־טובֿ! אָט האָבּן מיר
אַ גוטע געלעגנהייט איבּערצולחיימען!„..
איבּערליאַמעווען — טרוו. ־מעווע איבּער,
~געליאַמעוועט. איבּערזוימען, אַריבּערנייען
מיט א פּאַס שטאָף פֿון אונטן און פֿון דער
— —
.
אינעווייניקסטער זײַט א, די קליידלעך.
איבּערל(י)אַפּען — טרוו. ־פּע איבּער, ~
געל(י)אַפּעט. בּמקוכד.ווערבּ פֿאַר שלעכט ￼ון
אומגעלומפערט טאָן אַן אַרבּעט, וואו עס איז
פֿאַראַן דער פּראָצעס פֿון איבּערגיסן,
איבּערשמירן, איבּערשיטן אָדער איבּערוואַרפֿן. א,

ס'געקעכטס פֿון איין טאָפּ אין אַ צווייטן און פֿאַרגיסן אַ האַלבן טאָפּ. א, וואַפּנע אויף אַ וואַנט. א, מעל פֿון זאַק אין די מולטערלעך אַרײַן און פֿאַרמעליקן דעם דיל.

איבערליאַרעמען — ־רעם איבער, ~ געליאַועמט. אוטוו — טומלען, פּילדערן, ליאַרעמען אַ לענגערע צײַט. "וויפֿל די קינדער האָבן איבערגעליאַרעמט, ביז מע האָט זיי געלייגט שלאָפֿן,,, רייד. טרוו — איבערשרײַען, איבערטומלען. א, די דעמאָנסטראַנטן.

איבערליבן — טרוו. ליב איבער, ~געליבט. ליבן אַ סך, אַ צאָל. ,,כ'ווייס? ער האָט מסתּמא שוין איבערגעליבט אַ העלפֿט מיידלעך פֿון שטעטל, אָבער מיט קיין איינער קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט,,, רייד.

מיט ז י ך — 1. קזוו. זיך ליבן אין אַ צאָל פֿאַלן. א, זיך מיט (אין) אַלע מיידלעך אין שטעטל. 2. צו אָפֿט, צו פֿיל פֿירן ליבעס. ,,מסתּמא האָט ער זיך צו פֿיל איבערגעליבט. עס וואָלט אים שוין צײַט געווען אָפּצורוען", אַר, 'שטילע ליבע'. ־עכ□ן. ־עניש.

איבערליגן — אוטוו. ליג איבער, בּ י ן (& ה אָ ב, ← אויסלויפֿן), ~געלעגן (אוקר אויך: ~געליגן). 1. ליגן אויף אַן אָרט אַ

לענגערע צײַט. לאָזן א, די עפּל איבערן ווינטער.
,,דערפֿרוירענע שוועלבעלעך...ליגן טיף אין אַ
זומפּ דעם ווינטער איבער,,, ממוס, שירה.
,,עס איז איצט אַ זומערנאַכט, איך וועל דאָ
א, ביז טאָג,,, ספּ, נליקלעכע און אומגליקלעכע.
,,אַך דער קשר גהערט ניט הינטן צו ליגן
אין דער גרוב פֿון נאַקן, נייארט איבר דען
נאַקין דער מיט דשׂ דער קשר און, דשׂ בית
גיהערן גיגן אַנדר איבר צו ליגן'', עפּש,
דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ תּמ''ה? 2. האָבן
אַ טבֿע צו ליגן. א, אויפֿן אויוון ווי אַן אַלטער
זיידע. א, אין דער נאָרע ווי אַ בער אין
ווינטער. *א, אין קימפּעט = אָפּט האָבן קינדער.
,,אין אָט דעם גרוב איז ער איבערגעלעגן,

און אויך איצט ווען ער הערט אַז אויף
אָנבײַסן איז מער גאָר נישטאָ, איז ער אַרײַן אין
גרוב'', י. פּאַנער, היימיש, תּשרי תשכ״ג.
3. ליגן ביז אַ געוויסער צײַט (און וואַרטן
אויף עפּעס). א, אין בעט, ביז אַלע שטוביקע
וועלן אַוועק צו דער אַרבעט. א, אויף דער
סאָפֿקע ביז דער מאַן קומט אַהיים. א, די

מלחמה (די אָבלאַווע) [אַזוי ווי אַקוז פֿון צײַט]
אין אַ באַהעלטעניש.

4. זײַן, איבערזײַן אין אַן אָרט, וואו מען איז איבעריק פֿאַרברענגען די צײַט, פּטרן די

.

צײַט. זײַן ערגעצוואו אַ צו אָפּטער אַרײַנגייער. „די אַנדערע, עפּעס אַ שטיק פֿלייש, ליגט איבער שטענדיק אין קיך, מישט זיו צום טעפּל“, ממוס, ווינטשפֿ. „איז בײַם טאַטן געוואַקסן אין אַ ווײַנשענק, וואו פּריצים ליגן דאָרטן איבער“, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. „ער ליגט טאָג ווי נאַכט איבער אין קאַפֿעהויז„, י▯Iראל אָרנשטיין, רעיונות י▯Iראל, יאַס 1893. „זײַן טאַטע איז געווען אַ צדיק, וואָס ער איז איבערגעליגן גאַנצע חדשים בײַ דעם גוטן־ייִדן“, יהודא חאַזאַנאַוויטש, קורץ און שאַ▯ו:I, קעשענעוו 1888.

5. זיך וואַלגערן. א, אַ שיכּורער אין רינ.. שטאָק. א, צווישן ציגײַנער. אויך מיט אַ סעקסועלן ב. „דע'ר אַרכיטעקטאָר האָט געשיכּורט, יענער אַרכיטעקטאָר איז איבערגעלעגן בײַ זײַן אוכאַזשאָרקע',„ א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו, 1932.

6. זײַן אַרײַנגעטאָן אין עפּעס. א, איבער די

פּאָסטמאַרקעס וואָס מע זאַמלט. „ער פֿלעגט נעכט א, איבער הייליקע ספֿרים און לערנען„, ה. אַקעדמאַן, טמז, 5 1965 IX.

מיט ז י ך — סתּם אַזוי ליגן; ליגן בּיז מער ניט ווען ליגן. ־עכץ. ־עניש. ־ער — געוויינלעך: איבערנעכטיקער. ־ערקע — אויך: אַ פֿרוי וואָס קומט צו אַ מאַן אויף אַ גאַנצער נאַכט ־ערײַ.

.

איבערליגנערן — אוטוו & טרוו. ־ער איבער, ~געליגנערט. ליגנערן אַ סך, אויסטראַכטן כלערליי ליגנס. אין איין שמועס א, וועגן וואָס נאָר איר ווילט אין דער וועלט. א, די אייגענע לעבּנס־געשיכטע.

איבּערליד — [אייבּערליד]. אַרכ: M

lit־be ו. צודעק, אייבּערדעק, דעקל. ,ועשית כפּרת זהבֿ טהור, (שמות, כה, 17). טח פֿאַרטײַטשט: „און, דוא זולשׂט מאַכן איין איבּר ליד גולדא ריין„; אַזוי אויך מI: „איבּר ליד„ [תּי: „דעק]. [דאָס וואָרט איז אין 19. י„ה געווען פֿרעמד. געפֿינט מען אין צור, אַחרי מות אאַ: „אויף דעם כפּורת, דאָס איז דאָס איבערלייד אויף דעם אָרון־קודש“.]

איבערלידלען — טרוו. ־דל איבער, ~
געלידלט. 1. דאָס זעלביקע ליד(□) זינגען אַ צאָל
מאָל. „הער שוין אויף איבערצולידלען 'אַז
דער רבי אלימלך, — עס דערעסט„. 2. זינגען
אַ סך פֿאַרשיידענע לידלעך. □י□□
פֿאָלקסרן, נעאָל.
, אַל
לידער וואָס מע געדענקט. ~
— דז, אויך: שרײַבן אַ צאָל לידער אויף דעם
זעלביקן מאָטיוו (מיט ביטול). א, די (וועגן
דער) לבָנה אין די אויגן פֿון דער געליבטער.

איבערליט

איבערליובען זיך — ־בע זיך איבער, זיו
~געליובעט. אוטוו — זיך ליובען און
אויפֿהערן. קזוו — ליבן זיך אַ לענגערע צײַט
(אָדער מיט אַ צאָל) און זיך צערטלען.
איבערליווערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון איבערליווערן. 2. אַרכ.
מסורה. אויסטײַטש על־פּי דער מסורה (וואָס
ווערט איבערגעליווערט פֿון דור צו דו□). „די
אונשׂ דיא תּורה הבן בשיידן דורך די איבר
ליבָרונג דיא זיא גהאט הבן פֿון איר פֿאַר

עלטערן“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764.

אי'בערליווע טרוו. ־ער איבער, ~

געליווערט. פּפֿ: ערן. [אַרכ, איצט דטשמ איבערלי'ווערן.] 1. ליווערן נאָכאַמאָל, איבערחזרן די ליווערונג, איבערשיקן פֿונדאָסנײַ (אַ טראַנספּאָרט סחורה). א, דעם זעלבּיקן קוואַנטום סחורה. א, געלט. 2. ליווערן אַ סך מאָל אָדער אַ גרויסן סכום, מער ווי מע האָט באַשטעלט. א, גאַנצע וואַגאָנען תּבֿואה.

3. איבערגעבּן עפּעס אויף אַ צײַט, אָנפֿאַרטרויען. „איטליכר מענש דער תּורה בּײַא זיך האָט אונ, קיין (יראת־שמים) דער איז גלײַך צו איין גבּאי דעם מן האָט איבּר ליבֿרט דיא שליסל פֿון דיא חדרים דיא אין איין הויז זײַן, אונ, דיא שליסל פֿון דיא טיר וואו מן אין הויז גיט האָט מן אים ניט איבּר ליבֿרט“, מהמ, אַמשט 1722, רטו/ב. „ווען ערשׂ דעם גוי העט איבּר ליוורט אם ערבֿ שבּת, אונ דער גוי שפּרעך: לאָז מירשׂ דא לייגן, איך וויל עשׂ נעמן ווען איך וויל“, לט1, סד/ב.

4. איבערגעבּן, אַרויסגעבּן עמעצן (אָדער עפּעס) דעם שׂונא, דער מאַכט. דזוו אויסליווערן, בּ2 ←. א, די ייִדן צו (אין די הענט פֿון) זייערע שׂונאים. א, דעם פֿאַרבּרעכער אין די

הענט פֿון דער פּאָליציי. א, דעם אַנטלאָפֿענעם מערדער צום לאַנד וואָס זוכט אים. „אַז איינר ערשטיין ווערט מוציא לעז צו זײַן על בּ„י

[= בּני־ישׂרא], זאָל השׂר יר„ה תּפֿסין אונ, דעם זעלביגין זאָל ער דעם ליטנאַן קרימנעל איבּר ליוורירין“, 'כ“י וועגן מעצער עלילת־דם„ 1669 [פּשׂ III]. „די רקים קוזאַקן מיט אַנדרי פּריצים פּולאַקן זײַן איבּר זיא קומן אַז וויא בּיזי הינט, זוא האָט מען זיא, דיא יהודיס, איבּר ליוורט...צו דער שחיטה דרײַא טויזנט נפֿשות„, שי, אַמשט 1700. “עשׂ איז איין זאַך פֿר האַנדן דז איין מענש (מזיק) איז זײַן חבֿר...וועלכשׂ גאַר האַרבֿ איז. דז איז דער דא איבּר ליבֿרט זײַן חבֿרשׂ געלט צו גוים“, מהמ, יט/א.

5. פּאַס. אַרכ. זיך געפֿינען אין רשות.

„דען אַזו בּלד דז דוא צו איר גישׂט, מוזט דוא אַך הינן בּלײַבּן, דען זיא איז נון איבּר ליוורט גוואָרן דיא שדים„, פּראָגער מבּ [אַווע III]. מיט ז י ך — זיך א, דעם טויט. „אַזו וויל ער זיך זעלבּר איבּר ליבֿרן אין דיא הענו פֿון דיא יהודים, דשׂ זיא אים מעגן טיטן מיט וואשׂ פֿר איין (מיתה) דשׂ זיין ועלן„, שאַר, קזז/ב.

איבערליט — 1. דזוו איבערליז. ←. 2.
אייבערשוועל. שווב פּאַרטײַטשט 'כּפּתּר — משקוף,:
,,איבּר ליט. איבּר שוועל‘‘.

איבערליטאָגראַפֿירן
איבערליטאָגראַפֿירן — טרוו. ־פֿיר איבער,
~ליטאָגראַפֿירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ אָדער
אַ צאָל מאָל ליטאָגראַפֿירן. אַריבערפֿירן אויף
שטיינערנע פּלאַטן. א, אָלע אַפֿישן, ווײַל ס'איז
אַרויס צו טונקל ־ונג.

.

איבערלייג — דער, ־ן (מצ זן). 1. אַקט

▯

פֿון איבערלייגן (זיך). ,,אַ פֿאַרצייכעניש פֿון
ייִדישע נעמען מיט זייער א, אויף ענגליש‘‘,
א. האַרקאַווי, 1925. 2. ספּעצ איבערקלער,
ישוב־הדעת. אורח פֿאַרטײַטשט 'מבּלי משׂים,
(איובֿ, ד, 20): ,,אָן א'‘‘. ,,בײַ די טיילן פֿון
ראובֿן איז דער א, [חקקי לבֿ] געווען גרויס‘‘,
תּי, שופֿטים, ה, 15. ,,אין פֿלוג וואָס דאַרפֿסטו
מער, האָב אַן א', אַן איבערקלער‘‘, מש‘‘ש
מפּאָניעוויעז, דער רחמנות, ווילנע 1882. ,,מיט
אַזאַ שטיק גלאָמפּ קען מען אַלץ מאַכן. ער
האָט עפּעס אַן א, אין מוח?‘‘, ע. בלאָשטיין,

שפּרינצע די פּקחית, ווילנע 1895.
אי'בערלייגונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אי'בע
2. איבערזעצונג.
רלייגן עפּעס פֿון
איין אָרט אויפֿן צווייטן.
אויסטײַטשונג, איבערפֿראַזירונג. געראָטענע א,
פֿון פֿרעמדשפּראַכיקער פּאָעזיע. 3. אַנשטאָט
איבערליי'גונג, בֿ2, ווי אַ פּרקוו צו געפֿינען
אַ מער יִדישלעכע פֿאָרעם. בעסער — אי'־
בערלייג.

אָדער רעזולטאַט פֿון איבערליי'גן (זיך).
לערונג,
באַטראַכאיבערליי'גונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס

־ הדעת. „ווי דאַרף אַ מענטש אַליין
2. ספּעץ און אָפּט. איבערק
טונג,
ישובמיט זיך קיין א, ניט האָבן פֿאָרצושטעלן זיך:
...
ווען יענער וואָלט דאָס מיר געטאָן?“,
ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. “דאָס א, און

דאָס באַטראַכטונג האָט גאָרניט געהאָלפֿן", דער פֿאַרביטענער, וואַרשע 1882. „דער מאַן האָט
אָן א, דעם שטיין פֿון זיך אַוועקגעוואָרפֿן מיט
כעס", א. פּאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תקצ"ח.
„נאָך אַ קורצער א, איז ער געבליבן שטיין
הינטער דער טיר„, ווײַם 'איינער אַ מענטש'.
„זיי זאָגן וועגן די וויכטיקסטע לעבנסזאַכן
וואָס זיי פֿאַלט איַין אין דער מינוט, אָן קיין
שום א'", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.

. אָפּגעהיט(נ)קייט פֿאָרזיכטיקייט;
שׂכלדי,

־ט צו באַזיגן מיט מיטלען ווי: א',
ייִט. „די נאַטור האָט שרעקלעכע קראַפֿט און
דיזע קראַפּ
פֿאַרשטאַנד..., איז כמעט אוממעגלעך", פּ. ט.

סעגאַל, דיא שיינע נייטערין, ווילנע 1894. "דו
ביסט יוי קלוג, אָבער דאָך פֿרויענצימערן האָבן
וויניק א'", איינע אַבשילדערונג פֿון קעניג
אַחאב..., וואַרשע 1862. „מע האָט אָכער דאָס
גערעדט האָפֿערדיק און אָן א', אַליין נישט
צו וויסן וואָס מע רעדט", ר, יצחק האַמבורגער,
איבז, יח יצחק, קראָקע 1882. „די עבֿודה אין

תּורה איז מיט התישבֿות און טיפֿער א',,,
לדבֿ, מאמר שמע"צ, נ"י ת,,ש.
4. כיטרעקייט. געשײַטקייט. אורח פֿאַרטײַטשט
'ערמה, (משלי, א, 4 אאַ): א'. מס פֿאַרטײַטשט
אַזוי 'מזימה', 'מזימות, (משלי, ב, 11; ה, 2 אא).
איבֿערליי'גט — אַדי, פּאָר איבֿערליי'גן ←.
1. שׂכלדיק, באַקלערט, אָפּגעהיטן. ,,דו ביסט
שטאַרקער, קליגער, און א'ער ווי איך", יהל,

53

די קאָלאָניסטן, וואַרשע 1899. ,,ניט־א,
געהאַנדלט, צו שנעל געזאָגט דאָס וואָרט", אַר, 'דער
טעות'. 2. אַרכ. באַדעקט, פֿאַרדעקט;
איבֿערגעלייגט מיט עפּעס. ,,מכּח גרושר פֿייסטקייט
[= פֿעטקייט] זײַנן אים דיא פֿל[] נקן איבּר
ליגט גיוועזן", סהמ, איובֿ, טו, כז. ־קייט.
אי'בֿערלייגן — טרוו. לייג איבֿער, ~געלייגט.
1. נעמען עפּעס (עמעצן) פֿון איין אָרט און
אַריבֿערטראָגן, איבֿערבּרענגען אויף אַן אַנדערן.
א, דאָס קישעלע פֿון שטול אויף דער סאָפֿקע.
א, אייער פֿון קאָשיקל אין אײַזקאַסטן. א,
דאָס קינד פֿון זײַן וויגעלע אויף אַ בעט. ,,אַ

חולה וואָס ליידט אויף קאָפּשמערצן בעט זיך, מע זאָל אים א, אין אַ צווייטע בעט", מב"ם, ה□גה דעות I, ווילנע 1912. „זיי לייגן איבער די מעטאַלענע, פּאַפּירענע מאָנעטן פֿון זייער טאַש אין יענעמס טאַש", צ. ג. גאָלאָמב, די בורזש ואַזיע, וואַרשע 1906.

2. לייגן אַנדערש, אויף אַ נייעם אופֿן. א, די קישנס פֿון צוקאָפּנס. א, די טעלער, אַז די קלענערע זאַלן זײַן באַזונדער. א, דעם קאָמפּרעס. א, דעם קינדס העמטלעך פֿאַרן איינווינדלען. א, דעם טעפּעך אין דער ברייט פֿון צימער. „דער 'חתן־בחור, ליגט נעבעך נאַס ווי אין אַ טײַך, און מע דאַרף אים א, און אָפּטריקענען", ג. מילער, פּאָר, 25 X 1964.

3. לייגן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. זיך פֿאַרנעמען אַ גאַנצן טאָג מיט א, ציגל. 4. לייגן איבער (אויף עפּעס). איבערשפּרייטן. באַדעקן. א אַ ברעט איבער דער ריטשקע. א אַ טישטעך

אויפֿן טיש. א אַ קאָלדרע איבערן בעט. „מיר

ווען א, אַ פֿוס אויף אַ פֿוס און צום שפּיץ פֿונעם אייבערשטן פֿוס צובינדן דהיינו אַ פּוד...", ד. מאָרדווין, די לערע פֿון לעבן, בערלין 1898.

5. אַרויפֿלייגן (אַ פּאַק), אַזוי ווי אַ שיכט אויף אַ שיכט. א, די עפּל מיט שטרוי. א, (צעשמאָלצענעם) קעז אויף ברויט. ״מע קען מאַכן [דעם טאָרט] אין צוויי אָדער דריַי פּאַכן, אויך קענט איר עס א, מיט פֿרישע...יאַגדעס און דיק־אויפֿגעשלאָגענע קרים,,, מישולאָוו, וועגעט, קאָכבוך, נ״י 1926.

6. לייגן, שטעלן אין אַן אַנדער סדר. איבערשטעלן. איבערסדרן. א, די ביכער אויף די פּאָליצעס לויטן אַלף־בית פֿון די מחברים. א, די שיַיטלעך, דאָס פֿיַיער זאָל בעסער ברענען.

7. נעמען עפּעס פֿון איין האַנט אין דער צווייטער אַריַין. א, די פּילקע פֿון דער לינקער האַנט אין דער רעכטער פֿון איין האַנט אין

,, .

דער צווייטער האָט ער איבערגעלייגט עפּעס אַ בוך״, מ. ריבקין, דער וועליזשער בלוטבלבול, ווילנע 1914. ״דאָס יינגעלע...האָט זיך לאַנגזאַם געשפּאַנט, איבערלייגנדיק די גמרא פֿון איין האַנט אין דער צווייטער״, סמב.

8. איבערבײַטן עפּעס אין דעם אָנטאָן, אין דעם וואָס מע האָט (טראָגט) אויף זיך. א, אַ שאַל פֿון איין אַקסל אויפֿן צווייטן. א, וואַטע פֿון איין אויער אין אַ צווייטן. ,,...האָט

שטאַרקער אײַנגעצויגן זײַן גאַרטל,
איבערגעלייגט אויף דער זײַט זײַן שווערד“, וועליזשער בלוט־בלבול.

9. בײַטן אָרט פֿון עפּעס אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים: איבערשאַרן, איבעררוקן, איבערפּאַקן,

איבערלייגן

איבערשלעפּן, איבערלאָדן, אַריבערקערן אע.
א, קוילן אין אויוון. א, די זאַכן פֿון טשעמאָדאַן. א, מיסט פֿון איין ווינקעלע אין דעם צווייטן.

10 פֿאַרטײַטשן, אויסטײַטשן. איבערזעצן,
.
איבערפֿראַזירן; אַנדערש פֿאָרמולירן. א, אויף פּשוט ייִדיש די הויכע לשון־קודשע מליצה.
א אַ פּאָעמע אין פּראָזע. א, מיט (אין) אייגענע
,
ווערטער דעם מחבּרס מיינונגען. „איין ביחל... אויף אונזער לשון גרינג...איז איבּר גילייגט גיווארן אונ מיט עטליכי זאַכין צוגילייגט“,
אַ ביחל..., שקלאָוו 1795. “'חאַווקע, רופֿט מען איר — האָט מען שוין איר דאָרטן איבערגעלייגט דעם כשרן נאָמען, עוואַ, שמעוואַ“,

פ. ט. סעגאַל, די שיינע נייטערין, ווילנע 1894.
,,פּערטשיק הייסט ער, האָבּן מיר
איבּערגעלייגט אויף ייִדיש: פֿעפֿערל'', שע, טבֿיה.
,,...דעם טאַלענט זײַנעם אויף איבּערצולייגן
עס אין אַ ליד,,, בּ. ריווקין, צוק, מאַרץ 1936.
11 פּ אַ ל ש אויסטײַטשן פֿאַרדרייען יענעמס
. .
ווערטער בּײַם איבּערגעבּן זיי. א, יענעמס רייד
עס זאָל אַרויסקומען אַ מחלוקת.
12. איבּערבּויען. צעלייגן, צענעמען און
אויפֿבּויען, אויפֿשטעלן. א אַ שטובּ. א, דעם
,
אויוון. ,,א, די פּאָדלאָגע איז אויך זייער
נייטיק'', פּינטקער ש טאָט־לוח, תּרס''ד. ,,די צוויי
פֿרעמדע וואָס האָבּן זיך אָנגעדונגען א, די
כאַטע'', סאָוו, היימלאַנד, 5 1962, No.
13. איבּערטראַכטן, איבּערקלערן, בּאַטראַכטן.
זיך מיישבֿ זײַן (מיט זיך אַליין). ס'רובֿ מיט
ז י ך, אָבּער אויך אָן זיך. א, דעם ענין.
געבּן נאָר עטלעכע מינוט אויף א, דעם
ענטפֿער. ,,דעם קלוגן קומט גרינג אָן
איבּערצולייגן אַ זאַך'', מס, משלי תּקע''ד, יד, 6.
,,אַז דו וועסט די זאַכן בּײַ דיר אין האַרץ
גוט א, און דו וועסט מקבּל זײַן די יסורים

באַהבֿה, ווערט דער סוף פֿון דײַן לײַדן גוט
זײַן“, חה, בֿ, רמד. „אַ פּראָצענטניק קען בײַ
זיך אַמאָל א, דאָס ער האָט געריסן אַ פּאַס“,
צבֿי־ניסן גאָלאָמבֿ, די בורזש ואַזיע, וואַרשע
1906. „און זי האָט גענומען טרעפֿן, א, אין
זכּרון, ווען און אויף וואָס פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג
זי איז געווען“, שע, אין שטורעם. „כאַפּט
ער...ניט פֿרעגנדיק און ניט קלערנדיק און
ניט איבערלייגנדיק — וואָס אויף דער לונג איז
בײַ אים אויף דער צונג“, ממוס, שטורעמצײַט.

14. מײַ. לייגן אין אַ זײַט, פֿאַראיבעריקן.
„ווער פֿיל איבערליי'גט לייגט ניקס אי'בער“,
שוו, טענדלאַו, 882.

איבערליי'גן — טרוו. איבערליי'ג, ~ליי'גט.
אַרכ, איצט דטש מ. נר. “מײַני פֿאָר שטעלונג
[= בקשה] וואָהל צו אָפּסערווירן אונד איבר
ליגן כּדת מה לעשׂות“, 'בריוו פֿון משולם
זלמן מדפּיס', זולצבאַך 1756 [י. היילפּרין, וועד
אַרבע אַרצות, ירושלים תּש“ה]. “אַלזו...איזט
צו זעהין דאז איך אַלישׂ וואול איבר טראַכט
און, איבר ליגט האב“, גה, 278. „יעקבֿ זיך
פֿערכט...דרום...אום די זאַך איבר ליגן...“, ר,
יו▯ף דאַרמשטאַדט, איבז, תּורת משה,
קאַרלסרוא 1770. “יעצט האבע איך מיר די זאַכע

גאַנץ אַנדערס איבערלייגט“, לאַט, מאַמאָן. ←
ש וו, אי'בערלייגן, ב 14. „ווער רעכט איבער ליגט

איבערלייגן זי‎ ‏־.

דיא זאַכין...ווערט ענדליך פֿר שטיאן דיא פֿר
באָרגינהייטן דר פֿון“, ספֿר מבחר הפּנינים,
הומבורג תּצ“ט.
אי'בערלייגן זיך — ← אי'בערלייגן. 1. דזוו
אי'בערלייגן, ב 13. „איך האָב זיך אַליין מיט
זיך איבערגעלייגט ווי איך מאַכן זאָל, איך
זאָל אויף פּראָצענטן געבן מײַן גאַנצעס געלט“,
ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. „לכן דאַרף
דער מענטש זיך א, ווי ווײַט ער איז
פֿאַרנאַרט, ווי ווײַט דאָס גאַנצע לעבן...איז אַלץ
הבֿל“, דרך עולס, וואַרשע 1861. „ווי באַלד
מע כאַפּט זיך אויף, מוז מען תּיכף
אויפֿשטיין. דער מענטש מוז זיך א, ווי געשווינד
ער וואָלט אויפֿגעשטאַנען, ווען מע וואָלט אים
גערופֿן צו אַ געשעפֿט געלט צו פֿאַרדינען“,
חא, ה/א. „וואָרעם אַז מע וויל זיך נאָר א',
ליגט ניט די קדושה אין דער לאַנגער
קאַפּאָטע“, קמ, 1865 5 ,No. „מיר האָבן זיך מיט
מײַן חבֿר איבערגעלייגט, און ס'איז געבליבן

אַז איר זאָלט...'', שע פֿון צוויי וועלטן. ''אַ
,
ווײַל נישט געענטפֿערט, ווי ער וואָלט זיך
איבערגעלייגט'', אָפּאַ, בר כוכבא. ''מיט אַ
ביסל געלט און אַ רואיקן א, זיך וואָלט מען
מסתּמא געקענט ראַטעווען'', חג, טמז, 1962 ‏ 4.
2. רעפֿל. א, זיך פֿון קאַנאַפּע אין בעט
אַרײַן. 3. איבערגעביטן ווערן (בהסכּם מיט
אי'בערלייגן בב 10־11). ,,אין אַ נויט האָט
זיך איבערגעלייגט [בײַם געבן אַ נאָמען נאָך
אַ געשטאָרבענעם] אַ זכר אין אַ נקבֿה, אַ
נקבֿה אין אַ זכר'', ממוס, ווינטשפֿ. ''ווי לייגט
זיך איבער אויף ענגליש דער נאָמען טאָדרעס?''.
4. קזוו. מיט סעקסועלע אָנצוהערענישן [
דערפֿון ווש מיטן ב1: ,,לאָזט אים צו רו, ער וועט
זיך א, מיט זײַן ווײַב, וועט ער געבן אַן
ענטפֿער,,, רייד.]
5. פֿאַלדעווען זיך (בהסכּם מיט אי'בערלייגן,
בב ‏־5). ,,[זײַן] דערוואַקסענער גוף, דער
רויטער קאַרק וואָס האָט זיך געהאַלטן בײַם א''',
אָפּאַ, אַרום די חורבות.
6. מיט פֿאַרשיידענע ניואַנסן (בהסכּם מיט
אי'בערלייגן). ,,דער שניי האָט זיך
איבערגעלייגט אויף אַלע דעכער,.. ,,דער שניפּס האָט

זיך איבערגעלייגט אויף דער לינקער זײַט".
„דער ווינט יאָגט די בלעטער. דער גאַנצער
הויפֿן לייגט זיך איבער אויף דער צווייטער
זײַט גאַס".
איבערליי'גן זיך — ← איבערליי'גן. „דער
נאַר פּלוידערט אום; אַזוי אַ מענטש איבערלייגט
זיך נישט וואָס דערפֿון קען אַרויסקומען",
מס, קהלת, תּקע"ט, י, 14. „איין זולכר מענש
הייסט ניט קלוג, ווען ער זיך איינה זאַך
איבּר ליגט נאָך דעם ער דראָן גישטרויכילט",
ספֿר מבחר הפּניניט, הומבורג תּצ"ט. „אָט קומט
דער מחותּן...איבערלייגט אײַך דאָ נאָכאַמאָל דעם
גאַנצן אינטערעס מיט אים", עט, סערקעלע.
„דאָך דער כיטרער...האָט אַ ווײַלע ווי אין ספֿק
איבערלייגט זיך און געענטפֿערט", יהואָש,
הײַאַוואַטאַ.
אי'בערליי'געוודיק — אדי. 1. וואָס מע
קען איבערלייגן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן.
א'ע אַרטיקלען סחורה. 2. וואָס מע קען

אויסטײַטשן, איבערזעצן, איבערגעבן אויף אַן

אַנדער (פּשוטערן) אופֿן. א'ע פֿאָרמלען. א'ע
אַרטיקלען פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן זשורנאַל.
3. וואָס האָט די טבֿע צו באַטראַכטן,
נאָכצוקלערן, איבערצולייגן (זיך). ניט קיין
איבערגעאײַלטער, אַן א'ער געשעפֿטסמאַן. „ס'איז
קענטיק אַז איבערן לשון האָט [ער] געאַרבעט
פּונקט אַזוי...פֿאָרזיכטיק, א, און ערנסט ווי
איבערן ספּור־המעשה", נפּ, ייִפֿאַ, 4 1938, No.
־יקייט.
אי'בערלייגעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. אַרבעט, פּראָצעס פֿון איבערלייגן, אַלע בבֿ.
(קען האָבן אויך איר בײַטעם). אַן
איבערפּאַקעכץ, אַן א, פֿון אַלע זאַכן אין מיצקע־
דערינען. 2. דאָס וואָס מע לייגט איבער. אַ
ברעט וואָס איז אַן א, איבערן טײַכל. 3. ל2.
דאָס צעבלאָזן, פֿונאַנדערבלאָזן. אַן א, פֿון
אַן אומקלאָרער ידיעה אין אַ גרויסער ישועה
פֿאַר ייִדן.
אי'בערלייגעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אי'בערלייגן, אַלע בבֿ.
„...ענטפֿערט ער מיר פּשוט, אָן שום א'",
אַריה בן אַריה [לייב לייבנזאָן], ייִדישיזם, ווילנע
־
1927. „על־פּי שׂכל און על־פּי לאַנגער א'",

ייִט, פּוילן II . „זאָגט מיר אָן א, אָדער
קווענקלעניש“, נ. זאַלאָוויץ, פּאָר, 28 l963 I.
אי'בערלייגער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לייגט איבער, אַלע בבֿ. אַן א', אַ
פּאָפּולאַריזאַטאָר. דינגען אַ געזונטן חבֿרה־מאַן,
אַן א, פֿאַר אַלע זעקלעך תּבֿואה.
איבערלייגעריש — אַדי. דזוו
איבערלייגעוודיק, בב3. אַן א'ער בעל־שׂכל. ־קייט.
איבערלײַדן — אַקוזוו. לײַד איבער, ~געליטן.
1. לײַדן ווידער, פֿונדאָסנײַ. “איך וועל ניט
א, די צרות וואָס איך האָב שוין פֿריִער
געליטן פֿון דיר“, רייד. 2. לײַדן אַ סך, אַ
לענגערע צײַט. דורכהאַלטן, איבערטראָגן
ווייטיקן, צרות. א, אַן ערנסטע קראַנקייט. א,
אַ שווערע צײַט. „ווען איך זאָל וויסן...אַז עס
איז אײַך יעצט ניט אָנגעזאַלצן אויפֿן האַרץ
פֿון די אַלערליי פּלאָגן וואָס איר האָט
איבערגעליטן“, [דלוגאַטש, מ.], דער לאַכידיקער
ווערטיל זאָגער, לעמבערג 1883. “ווען אַלע
פֿעלקער האָבן כּוח געזאַמלט און באַנוצט אוף
מאָרד, האָבן מיר כּוחות געזאַמלט און באַנוצט
אויף אויסהאַלטן, אויסדויערן, א, די שלעכטע
צײַט“, פּרץ, 'בילדונג'. אויך מיט ז י ך —
„איך וועל זיך מיר שוין א, די ביסל יאָרן,

בּיז איך וועל זיך ענדיקן“, א. סאַפּיר, דער קאַטערזניק, ווילנע 1888. “איר זיפּץ האָט מיך דערמאָנט אירע אַלע גרויסע צרות וועלכע זי האָט זיך אין איר לעבן איבּערגעליטן“, ממוס, קליאַטשע.

איבּערלייזן — טרוו. לייז איבּער, ~געלייזט. לייזן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, אַ מטמון מיט גאָלד אויף די גרויסע יאַרידן.

איבּער□די□ן. □ו. (פּרוּוון) באַפֿרײַען פֿון לײַז.

ייִז — טרוו. לײַז איבּער, ~געו□.זט.

□ -

פּפֿ □ ~

א, די אונטערוועש. 2. גראָבּ. איבּערזוכן. איבּערקוקן. „געטרויסט מיר ניט? וואָס פֿאַרנעמסטו זיך מיט א, מײַן פּעקל?“.

איבּערלייענען

איבּערלייטן — טרוו. לייט איבּער, ~געלייט. נאָכאַמאָל (בּעסער, אַנדערש) לייטן, פֿאַרגיסן מיט שמעלץ־מעטאַל (אַ שפּאַלט, לעכל, אייבּערפֿלאַך פֿון מעטאַלענער כּלי).

איבּערלײַטערן — טרוו. ־ער איבּער, ~ געלײַטערט. פּפּ: ~לויטערן. 1. נאָכאַמאָל,

ווידער (אַנדערש, בעסער) רייניקן פֿון איבעריקע
אָדער שעדלעכע שטאָפֿן, דיסטילירן נאָכאַמאָל.
א, דעם בראָנפֿן; א, דעם ווײַן (נאָכן יוירן).
„...און דער לעבער אויף איבערצולײַטערן די
שפּײַז“, חה, קלג.
2. ווידער לײַטערן, אָפּרייניקן פֿון אַ צומיש
פֿון אַ וואָלוועלן מעטאַל מיט אַן איידעלן, טײַערן
מעטאַל. א, זילבער, גאָלד.
3. פֿיג. גרינטלעך אויסרייניקן פֿון זינד,
פֿון שלעכטע מעשׂים פֿאַרדאָרבענע מידות אע.

,

„כמעט אַלע צדיקים פֿון דער וועלט דאַרפֿן
דעם גיהנם דורכגיין, דאָרט איבערצולײַטערן
די נשמה פֿון דעם ביסל זינד וואָס זיי האָבן
געטאָן“, ר, משה בר, נתן נטע איבז, שבֿט
מוסר, סודילקאָוו 1833. „די חכמה האָט אים
איבערגעלײַטערט אַז ער איז ריין פֿון אַלע
שלעכטע מידות“, חה, ב, רפּה. 4.
סובלימירן פֿאַראיידלען, אויספֿײַנערן. א, נערוועזע

.

אומרואיקייט אין אַ שעפֿערישן דראַנג.

5. פֿיג. נאָכאַמאָל אויסבעסערן, זאָרגעוודיק קאָרעגירן (דאָס לשון, דעם סטיל, די קאָנסטרוקציע פֿון אַ ווערק). א, דאָס ווערק פֿון אַ טאַלענטירטן אָנהייבער. ״איך ווייס, ליבער זיידע, ווי נייטיק ס'איז געווען איבערצולײַטערן 'סטעמפּעניו, אין עטלעכע וואַסערן“, שע, אידישע ראָמאַנען.

מיט ז י ך — א, זיך נאָך גרויסע לײַדן.

,,די גרויסע אָביעקטיווע פֿאַקטן פֿון דער גרויסער היסטאָרישער עפּאָכע האָבן זיך געדאַרפֿט א, אין נאָך אַ גרעסערער, אין נאָך אַ רײַכערער אינדיווידועלער פֿאַנטאַזיע“, שנ, שלוס אַש.

־ונ .

איבערלײַטער ער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס לײַטערט איבער, אַלע בב.

2. אַפּאַראַט אויף איבערצולײַטערן. דיסטילאַטאָר.

־ערײַ.

איבערלײַכטן — טרוו. לײַכט איבער, ~ געלײַכט. באַלײַכטן אויף אַ גרעסערן שטח אָדער אַ צאָל ערטער. א אַלע פֿינצטערע ווינקעלעך.

,

־עניש.

לי־ לייל־

א — דאָס, ־ער. פּפֿ:
אייבּער— עד. ־ַלעך איבּערן קערפּער, אונטער
יבּ —

דער צודעק־קאָלדרע.
איבּערלײַען — טרוו. לײַ איבּער, ~געליִען
(~געליגן, פּד). 1. ווידער לײַען. א, דאָס
זעלבּיקע טעפּל. 2. לײַען אַ צאָל, אַ סך. א,
צו עטלעכע רובּל בײַ אַלע בּאַקאָנטע. אויך
מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
איבּערלייענען — טרוו. לייען איבּער, ~
געלייענט. 1. קענען לייענען. דורכלייענען. א,
דעם אַלף־בּית ווי אַ וואַסער. א, דעם
קולקורא. ניט קענען א'. „אַזו בּאלד דאשׂ קינד
אלף־בּית קאַן מיט אַלי נקודות, אונ בּדקדוק
איבּר לייאנט [ארכ פֿאָרעם], דען זאָל מן מיט
אים ש[אַ]למויזן אין דר תּפֿילה", לט1, קנב/א.

איבּערלייקענען

„האָט ער גענומען די פֿאַטשיילע און האָט זי
אויפֿגעהויבּן אַקעגן דער זון. האָט ער
איבּערגעלייענט וואָס דאָרט איז געשטאַנען", נחבּ,

'מעשׂה מאבֿידת בת מלך'. „זיי וועלן...א, די מצבֿה, וועלן זיי וויסן אַז דאָ איז אַן אָדם חשובֿ מקובֿר געוואָרן„, דרכי עולם והוא אוצר חיים, ווילנע 1866. „ניט יעדער קאָן די יעראָגליפֿן הײַנט א, אויף די אַלטע מצבֿות וואָס זײַנען געבֿליבֿן אין עגיפּטן“, דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897. „האָט ער דעם בֿריוו באַהאַלטן, ניט איבֿערלייענדיק אים“, פּ. ג., נסים מן הש מים, לובֿלין 1914.

2. לייענען אַ צווייט מאָל, נאָכאַמאָל. „אויבֿ ער האָט געלייענט קריאת־שמע נאָר אין זײַן מחשבֿה...האָט ער ניט יוצא געווען זײַן פֿליכט, און ער דאַרף נאָכאַמאָל א'“, תּניא, 98.

3. לייענען אינגאַנצן; לייענען בֿיזן סוף. א, אַ בֿריוו, אַ דאָקומענט. א, דאָס בֿוך פֿון טאָוול בֿיז טאָוול, 'מדאָסקע לדאָסקע'. „אבֿר ווי די בֿריבֿ קומן צו אים אונ ער ליינט זי איבֿר, אַזו שפּעט ער און לאַכט אוש זייערי רייד“, ש', כז/א. „האָבֿ איך געוויזן אײַער בֿריוו אויך... באַלד ווי ער האָט איבֿערגעלייענט, איז ער ערשט זייער פֿאַרוואונדערט געוואָרן“, ליאָנדאַר, נײַער בֿש, ווילנע 1844. „ווי איך האָבֿ דײַן בֿריוול איבֿערגעלייענט, האָבֿ איך געמיינט איך לאָז די נשמה“, יפּ.

4. לייענען אויף אַ קול פֿאַר אַ צווייטן. פֿאָרלייענען. „נאַ, קענסט א, מיר אַז דו ווילסט עס“, ממוס, שלמה. „אָט האָב איך געוואָלט איר זאָלט מיר א, אַלע אַדרעסן, איך זאָל וויסן וועמען די בריוו אָפּצוגעבן,„ יד, אבֿן נגף. „אַז איך באַדאַרף אַמאָל אַ בריוול א',

אַן אַד עס אָנשרײַבן, צי וואָס, ווערט אַ מלחמה,„ שע.

5. לייענען אַ סך, אַ גרויסע צאָל (ביכער, בריוו אע). א, אַלע ביכער פֿון דער ביבליאָטעק. א, אַ גאַנצע ביבליאָטעק.

6. טרעפֿן לויט געוויסע סימנים. א, די צוקונפֿט לויט די ליניעס פֿון דער האַנט. א, עמעצנס געדאַנקען. „ער האָט איבערגעפֿירט דעם בליק אויפֿן מיידל און איבערגעלייענט אין אירע אויגן סײַ שרעק, סײַ האָפֿענונג“, אָ. נאָנטאַר, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No.

איבערלייקענען — טרוו. לייקן איבער, ~ געלייקנט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל לייקענען. אַלץ א, פֿאַרן ריכטער ווי פֿריִער פֿאַרן אויספֿאָרשער.

2. לייקענען אַ צאָל (באַשולדיקונגען, אַרויסזאָגונגען אע). א, אַלץ. ־עניש.

איבערליישן — טרוו. לייש איבער, ~ געליישט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ ליישן,

איבערציִען, (איבער)דריקן (מיט גאָלד, זילבער אע).
א, די רוקנס פֿון די ספֿרים.
איבערליכטיק — אַדי. ליכטיק איבער דער
מאָס. ,,די סצענע איז א', מע דאַרף ניט אַזוי
פֿיל פּראָזשעקטאָרן‟.
איבערלינירן, ־ניעווען — טרוו. ־ניר, ־ניעווע
איבער; ~לינירט, ~ליניעוועט. 1. אַנדערש,
נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן לינירן, מאַכן
ליניעס. א, דעם בויגן פּאַפּיר. 2. לינירן אַ

96()

סך, צו פֿיל. א, דעם בויגן מיט איבעריקע
ליניעס.
איבערלינק — אַדי. פּאָליטיש זייער לינק,
עקסטרעם לינק. ,,ער איז א', ער איז רויט ווי
פֿײַער,,, רייד.

ליסטיקט. אויך: ~ליסטן. אַרכ.
איבערכיטאיבערליסטיקן — טרוו. ־טיק איבער, ~

גערעווען, איבערקליגן. ,,און, איצונדר זא מאגשׂטו
דר קענן, דאז דו נאָך ניט רעכט קלוג בישׂט
דיא ווײַל דיך איין ווײַבז בילד איבר קלוגט

און, איבּר לישׂטיגט האָט“, יוסיפֿון, אָמשט, 1661, נח/כ.

איבּערליעפּען — טרוו. ־פּע איבּער, ~ געליעפּעט. סל. איבּערקלעפּן. איבּערמאָדולירן. א, די אומגעלומפּערטע פֿיגור פֿון ליים. א, דעם קאָפּ פֿון שניימענטש.

איבּערליפּערן — טרוו. ־ער איבּער, ~ געליפּערט. דזוו איבּערהיפּערן. ווש מיט ליפּ בײַ חדר־ייִנגלעך, פּאָד.

איבּערליפֿער — ט וו ־ער איבּער, ~ געלין . פֿערט. אַרכ איבּער יי'פֿערן. דזוו איבּערליווערן ←. „און, מײַן בּ[אַ]שווער און, אַן ליגן אַלשׂ מעלה בּכּתבֿ גיוועזין און, אַלש דען גיהיימן יועצים אויבּר ליפֿרט [= איבּערגעגעבּן]“, גה, 361. מלל פֿאַרטײַטשט 'והנה אנכי ממציא את האדם איש בּיו רעהו, (זכריה, יא, 6): „איבּר ליפֿרן„ [תּי: „איך ענטפֿער איבּער]. „זולשׂטו אים ניט איינם אַלייניג איבּר ליפֿרן„, ר, יוסף דאַרמשטאַדט, איבּז, תּורת משה, קאַרלסרוא 1770. „איך האָבּ דערשפּירט אַז איך קאָן אים ניט א, אין די הענט פֿון דעם הונט„, זשיט IX, נ"י 1919. ־ונג.

איבּערליציטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~(גע)־

ליציטירט. 1. נאָכאַמאָל שטעלן אויף ליציטאַציע, אויף עפֿנטלעכן אויספֿאַרקויף. א, די קאָלעקציע בילדער. א, די נחלה אָן יורשים.
2. איבערשטײַגן, אָנבאָטן העכערן פּרײַז אויף אַ ליציטאַציע. א, דעם אַנטיק־הענדלער און אַרײַנקריגן דעם זעלטענעם מאַנוסקריפּט.
3. סתּם איבערשטײַגן אין עפּעס. „האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געוואָלט א, די מפּא״, און אָנגענומען אַ באַשלוס אַז מע דאַרף טאַקע ניט האָבן קיין נײַעם אַשכּנזישן רבֿ־הראשי“,

ד. פֿלינקעד, טמז, 5 ◻ III 1959. אויך מיט ז י ך — „ייִדן האָבן זיך בײַ קויפֿן דעם מפֿטיר יונה איבערליציטירט און אַרײַנגעטריבן אין פּרײַזן איבער די כּוחות“, טמז, 23 IX 1966.

־ו ◻ג.

איבערליצעווען — טרוו. ־צעווע איבער, ~ געליצעוועט. וור. סל. איבערניצעווען, איבערקערן, איבערדרייען (אַ בגד) אויף דער פֿאַרקערטער זײַט.

איבערלעב — דער, ־ן. אַקט פֿון איבערלעבן. איבערלעבונג. „אויף געמיט און א, קענען מיר ניט אָנווענדן די באַגריפֿן פֿון גערעכט און אומגערעכט“, אפֿא, געטדאַכט מיט עבֿריטײַטש.

אי'בערלעבונג — די, ־ען. [איבערלע'בונג,
 וטשמ, אָפּט געניצט. נר.] פּראָצעס פֿון
איבערלעבן. געשעעניש אין לעבן וואָס לאָזט אַ טיפֿן

איבערלעבן

איַינדרוק. שטימונג אָדער געפֿיל וואָס ווערט
 אַ וויכטיקער טייל פֿון דורכלעבן אַ פּאַסירונג.
 אַן א, וואָס טרייסלט אויף. אַן א, וואָס מע
 וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. ,,צײַט איז ניט
 מער ווי אַ קאַסטן, אָנגעפֿילט מיט א'ען,,,
 קאָר II. ,,נאָך לאַנגע און שווערע א'ען האָט
 ער זיך מיישבֿ געווען...", ווײַס, ,איינער אַ
 אַ מענטש'. "זיי ווערן געבוירן דווקא פֿונעם
 אומחשק אָדער פֿון דער אוממיגלעכקייט
 איבערצוגעבן די א'ען", מנו, דעך וועג צו
 אונדזשויוגנט. "ווי יעדער שעפֿערישער מענטש, מוז
 אַ קינסטלער זיך רעכענען מיט די טיפֿערע
 א'ען פֿון זײַן פֿאָלקס נשמה", שנ, שלום אַש.
 ,,דער געדאַנק און די א, ווערן אינעם ליד אַזוי
 צונויפֿגעלעבט אַז איר קענט ניט אָפּטיילן
 איינע פֿון אַנדערן", אפֿא, וואַך איז דער סט פּ.
איבערלעבן — טרוו. לעב איבער, ~געלעבט.

[אַרכ איבערלע'בן, איבערלע'ב, ~לע'ב].
1. אַריבערלעבן, לעבן לענגער וו אַן
אַנדעי
רער. „איך וועל אים א'!“ „מיר'ן א, די
שׂונאים“. “א, זאָלסטו מיך, (גאָטעניו)!„ —
צערטלעכער אויסדרוק פֿון אַ מוטער (פֿאָטער)
צו אַ קינד. „אַ דאַרער לעבט איבער צען
פֿעטע“, שוו. „מיר וועלן זיי א', א', אָבֿינו
שבשמים!“ — פֿון לובלינער געטאָ [ווען מע
האָט געצוואונגען ייִדן צו טאַנצן און צו זינגען
פֿאַר די נאַציס, האָבן זיי געשאַפֿן דאָס ליד
לויטן ניגון ,לאָמיר זיך איבערבעטן,
איבערבעטן, אָבֿינו שבשמים']. „דו בלײַבשׂט אימר
און אייביג און דוא איבר לעבשׂט אַלי דײַן
בשעפֿענש“, תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858 [
איבערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798]. „דו וועסס
שטאַרק אַלט ווערן און וועסט אַזוי לאַנג לעבן
ביז דו וועסט דײַן גאַנצע משפּחה א',„ דבֿרי
יעקבֿ, לעמבערג 1875. „דער אַלטער תּרח וועט
אונדז נאָך א',„ רייד. „אַמאָל וועט דאַכטן
זיך אָט גייט ער אויס, ער אָבער פֿון סכּנה
וועט אַרויס און א, יענע פֿײַנע לײַט“, ממוס,
יודל. „דער (ישעיהו) דער האָט איבר לעבט
[אַרכ פֿאָרע] די פֿיר (מלכים)„, סהמ. „עס

איז בּיטער און שלעכט ווען אַ מענטש לעבּט
איבּער זיך אַליין,,, גרינ, בּלעטלעך פֿון אַ
טאָגבּוד.

2. דערלעבּן. לעבּן בּיזן אָנקום פֿון אַ
גליקלעכן מאָמענט. ,,וואול דעם דער דא ועט
האָפֿן אונ, גלייבּן אַן משיח דז ער וועט קומן
אונ, וועט גרייכן אונ, איבּר לעבּן צו דיא
טעג,,, סהמ, דניאל, יב, 12. ,,אונ, ווערט זוכה
זײַן צו איבּר לעבּן משיח אונ, אַל די נסים
דר נעבּן,,, מדרש ויושע, 16. יײ״ה [ויבּל II XI].
,,אַזוי ווי מיר האָבּן איבּערגעלעבּט המנען,
אַזוי וועלן מיר איה״ש אויך א, משיחן,, [זאָל
האָבּן געזאָגט אַ ייִד אַן עם־האָרץ וואָס האָט
געהערט אַז משיחס קומען איז פֿאַרבּונדן מיט
גרויסע און שרעקלעכע געשעענישן].

3. לעבּן לענגער אין זכּרון, דורך דער
השפּעה אויף מענטשן, ווי עס איז די
אייגנטלעכע לעבּנסצײַט. ,,די טאָלסטאָיס...וואַקסן
איבּער די קלאַסן־מיליע..., אַזוי ווי זיי לעבּן
איבּער די עפּאָכע״, שנ, קריטיק און קריטיקער.
,,מע מוז [דעם ניגון] פֿאַרנעמען, אַ ניגון אַזאַ
וועלכער לעבּט איבּער דורות,,, סעג, איצטער.

איבּערלעבּן זיך

4. (וועגן אַ זאַך) אויסהאַלטן לענגער ווי
דער אייגנטימער אָדער ווי אַן אַנדער פּערזאָן
(אַנדער זאַך). „דאָס הויז וועט נאָך א, מײַנע
אייניקלעך“, רייד. „אַן אַלטער שאַרבן לעבט
איבער אַ נײַעם טאָפּ“, שוו. „דאָס איז ניט
קיין הײַנטיקע קאַפּאָטע...פֿאַרצײַטישער
לאַסטיק, דאָס וועט מיך א'“, פּרץ, 'דער משולח,.
5. דורכלעבן אַ פּאַסירונג, אַ געשעעניש
מיט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף דעם מענטשן.
א, דעם קינדס קראַנקייט. „ער האָט זיך
אַרײַנגעלעבט איו דער ראָלע און לעבט איבער בײַם
שפּילן דעם העלדס טראַגעדיע,„ רייד. „דאָס
וואָס איך האָב אַצונד איבערגעלעבט, האָט
אויף מיר אַזוי געווירקט אַז איך בין איצט
אין האַרצן טאַקע אַ שטיקל בעל־תּשובֿה,„
ממוס, 'אַ גרויע האָר'. „ווער פֿון אונדז האָט
דאָס פּערזענלעך ניט איבערגעלעבט און ניט
איבערגעמאָזלט און איבערגעפּאָקט?“, י.
לעשט 0ינסקי פֿאַש, 1951 I י 8. „די ווירקלעכקייט
איז ניט קיין זאַך פֿון מעסטן און וועגן,
נאָר פֿון א', מיטלעבן,„ קאָר I. „איז אים
אײַנגעפֿאַלן אַז ווער ווייס? טאָמער לעבט ער איבער

די זעלבּע ספֿקות ווי ער אַמאָל,,, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. ,,און זי דערציילט אויס אַלצדינג וואָס זי האָט איבּערגעלעבּט פֿאַר דער צײַט,,, שע, אין שטודעס.

6. דורכמאַכן, דורכלעבּן אַזוינס וואָס איז שווער, שלעכט, און אויסהאַלטן. א, אַ סך צרות; א, קאַלטס און וואַרעמס. א, חיבּוטהקבֿר. א, אַ פּאָגראָם, די מלחמה. ,,אָט אַזוי האָט דאָס שטעטל נעבּעך געלעבּט און איבּער געלעבּט אַ שלעכטע, בּיטערע צײַט,,, ממוס, שלמה. ,,אַ שרעקלעכע נאַכט, אַ נאַכט בּיז טאָג האָט אַבֿרהמל איבּערגעלעבּט“, ווײַס I, ,דער אָרעמער יונג'. ,,ער אַליין לעבּט איבּער די מוראים גדולים און די גרויסע פּחדים וואָס ער האָט אויסגערעכנט“, לדבֿ, נ,,י תּש,,ז.

7. דזוו בּ6, מיט נ י ט. מיינען אַז מע וועט (אָדער בּאמת טאַקע) ניט אויסהאַלטן. ,,אַזאַ אומגליק1 כ'וועל עס ניט א'!,,. ,,איך האָבּ געוויינט און געקלאָגט...איך האָכּ געמיינט אַז איך וועל עס שוין גאָרנישט א',,, עט, סערקעלע.

8. ווידער, נאָכאַמאָל דורכלעבּן. א, אין געדאַנק די יאָרן אין לאַגער. ,,עס האָט זיך מיר געדאַכט, אין דעם 'אויגנבּליק, לעבּט זי

איבער אירע פּאַסירונגען אַלץ מיטאַנאַנד,,, ממוס, שלמה. ,,דאָס א, אין געדאַנק וואָס איז שוין לאַנג צוריק געוועזן,,, אַר, 'דאָס איבערלעבן,. ,,ווען איינער דערציילט דאָס איבער...לעבט ער איבער די זעלבע איבערלעכונגען ווי בשעת דער תּלמיד־חכם האָט גערעדט״, לדב, נ״י 1957, עה.

9. ווי ניט איז דורכקומען, אויסקומען מיט ווייניק. איבערשטופּן. א, אַ וואָך מיט עטלעכע רובל. א, דחקות. א, א י ן דחקות. א, (אין) אזא יקרות; א אַ יאָר פֿון אַן אומגערעטעניש.

,

פֿאַרשטיי גוט וואָס מע דערציילט, ווי אַזוי

מע קאָן א, די וועלט מיט ברויט און מיט וואַסער...און מע זאָל אַ בעסער לעבן האָבן,,, נחב, ,מעשׂה בחכם ותּם'. ,,זײַנען בײַ איך אַ סך מענטשעלעך, וואָס וואָלטן נעבעך ניט

האַט מיט וואָס אַ ט אָ ג איבערצולעבן,,, ממוס, קליאַטשע. ,,אַבי אָפּפּטרן מישטיינס געזאָגט דאָס עסן, אַבי כאַפּן אַ דרעמל, אַ נאַכט איבערצולעבן,,, ממוס, ווינטשפֿ.

איבערלעבן זיך — ← דפֿוו. אויך: פֿון זיך אויפֿהערן לעבן, ניט זײַן מער צוגעפּאַסט צו דער צײַט, ניט זײַן מער אַקטועל. ,,פֿאַר אונדז זײַנען נאָך די אַלע חסידים און צדיקים גלאַט ייִדן מיט בערד און קאַפּאָטעס, וואָס רעדן נאָך אַלטע ווערטער — אַ דערשײַנונג וואָס האָט זיך איבערגעלעבט,,, קאָר II. ,,עס איז שוין אַן אַלטע מעשׂה, די טערקײַ האָט זיך איבערגעלעבט,,, קמ, 1866, No 1. ,,די אַלטע פּראַוועס פֿון דער קאַטוילישער קירך האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעלעבט,,, קמ, 26 1868, No.

איבערלעבעכץ — דאָס (די), ־ן (־ע□).

1. דזוו איבערלעבונג אָדער איבערלעבעניש (מיט בײַטעם פֿון ביטול). ,,ער, מיט זײַנע לאַנגע מעשׂיות און א'ן‘‘, רייד. ,,עס בלײַבט ווייניק צײַט אויף צו גריבלען זיך אין טאַליעס א'ן,,, סאָוו, היימלאַנד, 2 .6 1965, No. מנהג, פֿירונג פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה. ,,האָבן די א'ן אַ טבֿע אויפֿצובליִען‘‘, יאי, איבז אָנטראָפּאָלאָגיע, נ‘‘י 1920.

איבערלעבעניש — דאָס (ד), ־ן. פּראָצעס
פֿון אי'בערלעבן. איבערלעבונג. פּאַסירונג,
געשעעניש מיט אַ טיפֿן אײַנדרוק. אַ פֿריידיקע
(פּײַנלעכע) א'. „קיינמאָל קומען מיר ניט אין אַזאַ
נאָענטער באַרירונג מיט דער רעאַליטעט ווי
ווען מיר האָבן אַן א'„, גדינ, מענטשן און
ווערטן, נ„י 1953. „די פּערמאַנענטע
אינטענסיווע א, פֿון יראת־הכּבֿוד צו דער מיסטעריע
פֿון מענטשלעכן לעבן“, ש. ביקל, שרײַבער
פֿון מײַן דור I, נ„י 1958. „אַז מע קומט
קיין ניו־יאָרק טוט מען אַ שאָקל אָפּ פֿון
זיך אַלע אונטערוועגישע א'ן“, באַש, פּאָר,
.4 192
אי'בערלעבער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס לעבט איבער. ווער עס איז קאַפּאַבל
צו פֿילן מיט האַרץ, מיט נשמה. „ער איז ניט
געווען קיין טעאָרעטיקער — אַן א, איז ער
געווען“, אפֿא, טמז, 13 III 1953. ־יש —
אַדי. שאַרף־א'ע אײַנדרוקן.
איבערלעגיטימירן — טרוו. ־מיר איבער,
~לעגיטימירט. פֿונדאָסנײַ, ווידער לעגיטימירן,
מאַכן לעגאַל. א אַ דאָקומענט וואָס רופֿט
,
אַרויס אַ חשד. א, די באַטייליקטע אין דער

פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג. אָפּט מיט ז י ך — א,
זיך בײַ דער פּאָליצײַ, בײַם קאָנסול. ־ונג.
איבערלעגנהייט — די, ־ן. דטשמ, נר.
העכערע וויכטיקייט, גרעסערקייט. „
אונטערצושטרײַכן זײַן א‘‘, ייִט, פּוילן I.
איבערלעגערן — ← איבערלאַגערן.
אי'בערלעזן — טרוו. לעז איבער, ~געלעזן.
דטשמ. אָפּט געניצט. דזוו איבערלייענען. א,
אַן אינטערעסאַנט בוך. „דער קליאַטשעניק [=
ממו□] זעט שוין ניט אַ פּאָר יאָר זײַנע
אומגעלומפּערטע שטותים, ווי אַ 'זמירות ישׂראל',
אַ 'פּרק שירה', אַן אָפּגעקראָכן 'יודל', וועלכע
מיר ברעכן מיט גרינער גאַל בײַם ערשטן

איבערלעקן

בלעטל א‘‘, ייִל, דער פּריטשעפּע, אַדעס 1876.
„באַלד ווי זיי האָבן דעם בריוו איבערגעלעזן,
האָבן אַלע זיך געבוקט פֿאַר דעם באַשעפֿער
פֿון דער וועלט און האָבן אים געלויבט פֿאַר
זײַנע נסים‘‘, □Iמחה ברייטמאַן, די געשיכטע
פֿון אַ לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. „דאָס
איבערלעבן אין געדאַנק / וואָס איז שוין לאַנג
צוריק געוועזן, / איז ווי דו וואָלסט אַ שיינעם

בוך / געמומען ווידער א'", אַר, 'דאָס איבערלעבן'.
איבערלע'זן — טרוו. איבערלע'ז, ~לע'זן. אַרכ. איבערקלייַבן, דורכקוקן. "מיט אַרביז לעזן מוז מן מדקדק זײַן צווייא דרײַא מאָל צו איבר לעזן. איטליכר בעל־בית גהערט זעלבשׂטן נאָך צו זעהן אונ, בודק זײַן, ניט סומך זײַן אויף ווייַבר און מיידן,,, ה, אַמשט 1723, עג/א. ,,וועו זיך איינר אַדר דער אַנדרר ניט אין ערשטין איבר לעזין פֿינדן קענט, ספֿר מבֿחר הפּניניס, הומבורג תּצ"ט. ,,ווײַל איך עשׂ איצונד האב איבר לעזין אונ, האב עשׂ ביפֿינדן זאר שלעכט", זיבן ווײַזן מינIטר ביכל, אַמשט 1776 [ייִבל 5 ,XIII־].
איבערלעכערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געלעכערט. נאָכאַמאָל, ווידער, אַ סך מאָל לעכערן. א, דעם צודעק פֿון קאַסטן, עס זאָל אַרײַן מער לופֿט. ־ונג.
איבערלעכצן — אוטוו. לעכץ איבער, ~ געלעכצט. 1. באַגערן עפּעס, בענקען נאָך עפּעס אָנגעשטרענגט אָדער אַ לענגערע צײַט. א, נאָך אַ גוט וואָרט. א, נאָכן אַנטרונענעם גליק.
2. לעכצן און אויפֿהערן.

איבּערלענג — די, ־ען. לענג וואָס איז איבּער דער נייטיקער מאָס; דאָס וואָס איז צו לאַנג. מלל פֿאַרטײַטשט 'וסרח העודף, (שמות, כו, 12): „איבּר לענג“ [תּי: „אַריבּערהאַנג]].

איבּערלענדיש — אַדי. נעאַל. וואָס איז איבּער (אַ צאָל) לענדער, איז שייך צו אַ סך לענדער. “אין דער א'ער, דער אוניווערסאַלער יִדישער כּלל־שפּראַך„, ימ, ייִשפּ , 2.

איבּערלעסטיקן — טרוו. ־טיק איבּער, ~ געלעסטיקט. פֿרגל: איבּערלאַסטן. מאַכן גאָר שווער, בּאַלעסטיקן איבּער דער מאָס (מיט שווערע זאָרגן, מיט שווערער אַרבּעט אדגל). א, מיט אַ שווערער אויפֿגאַבּע. א, מיט געזעלשאַפֿטלעכער אַרבּעט. „זײַנע געדאַנקען זײַנען אים אייבּיק פֿאַרמישט מחמת...דעם פֿיל א, אים מיט הוצאות־הבּית...דאָס בּרענגט אים לגדר בּהמה„, ר, יצחק האַמבּורגער איבּז, tיח יצחק, לעמבּערג 1876. „מע האָט געזען צו ווירקן אויף דער לערן־ און דערציִאונג־פּראָגראַם: קינדער זאָלן ניט איבּערלעסטיקט ווערן מיט צו פֿיל לערנען“, נש, פֿגעז, ווילנע 2 1923, No־3.
מיט ז י ך. —ונג.

איבּערלעסטערן — טרוו. ־ער איבּער, ~

געלעסטערט. ווידער אָדער אַ סך מאָל לעסטערן, פֿאַרשוועכן, מחלל זײַן. א, אונדזערע הייליקע.
א, און רעדן על השם, ועל משיחו און אויף ננתּקה אויך.
איבּערלעקן — טרוו. לעק איבּער, ~געלעקט.
1. לעקן נאָכאַמאָל, לעקן אַ סך. א, אַלע

טעאיבּערלערן

לער. 2. גראָבּ. איבּערחנפֿענען. א, אַלע גבּאים.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבּערלערן — טרוו. לער איבּער, ~געלערט.
אונגיי. קאַרפּאַטאָרוס. דזוו אויסלערן, בּ1 ←.
„ווען אַ ישׂראל קומט ווײַן מאַכן בּ□ אַן עכּו״ם
י

און טרעפֿט אין דער בּיט טרויבּן, דאַרף מען שוין פֿון די טרויבּן קיין כּשרן ווײַן מאַכן אין דער בּיט, נאָר מע זאָל די גאַנצע און טרוקענע טרויבּן א, אין אַן אַנדער בּיט“, מרדכי הלוי הורוויץ, ספֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.
איבּערלערנען — טרוו. לערן איבּער, ~ געלערנט. 1. לערנען נאָכאַמאָל אָדער אַ סך מאָל אויסצולערנען אינגאַנצן. אײַנחזרן כּדי צו

פֿאַרגעדענקען. „אבֿר דיא אויגן פֿון נאַרן זײַנן...אַן דיא עק פֿון דער ערד, כלומר ער שפּרכט: איך קאַן דיא תּורה ניט איבּר לערנן, זי איז גאַר ווײַט פֿון מיר„, סהמ, משלי, יז, 24. „זאָלסט ניט לאָזן זיך באַנוגן מיט דעם וואָס דו האָסט קינדווײַז געלערנט, נאָר דו זאָלסט גרויסערהייט אַלץ נאָכאַמאָל א', וועו דײַן שׂכל איז שוין אינגאַנצן“, קיצור חובֿות הלבבות מיט עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844. „די גמרא קלעפּט זיך צו זיי ווי אַן אַרבּעס צום וואַנט, דאַרף מען דאָס א, צען מאָל“, י. א. קאַצאָוויטש, 6o יאָר לעבּן. „דבֿרים ווערט גערופֿן 'משנה תּורה, ווײַל אין דבֿרים שטייען געשריבּן די מצוות וואָס זענען איבּערגעלערנט געוואָרן אין ערבֿות מואבֿ נאָכאַמאָל“, סשי II.

2. לערנען אויף אַן אַנדער(ן) (בּעסערן) אופֿן. א, די מלאָכה. א, און דערגיין פֿאַרבּאָרגענע סודות. „דען עשׂ קומט שווער[ע]ר אָן איין אַלט לערנין צו איבּערלערנן, אַז טעטשׂט ערשט אַן פֿאַנגן„, עיון, נד/ב. „ער האָט נאָך דאָרטן גפֿונדן דען רמבּ„ם אין דשׂ לעבּן אונ, האָט מיט אים איבּר לערנט אונ, פֿר בּעשׂרט איין (ספֿר) דשׂ ער גמאַכט האָט“, שאַר, עו/ב. “אַזוי לאַנג ווי ער האָט נאָך ניט איבּערגעלערנט

יענע זאַך לשמה„, תּניא, נד. „עס האָט געמוזט קומען דאָס פֿאָלקסטימלעכע א, די אַלטע פּסוקים מיטן טײַטל פֿון דער נײַער צײַט“, מ. שטריגלער, איק, פּסח תּשי„ח.
מיט ז י ך — לערנען מער, זיך אָנשטרענגען איבּער דער מאָס. א, זיך פֿאַר די עקזאַמענס. „דערצו נאָך בּטלט ער אַ סך צײַט...אין־דעראמתן ווייסט איר גאַנץ וואויל אַז ער לערנט זיך ניט איבּער“, חג, דער ש ולהויף. ־ונג. ־ער. —ערײַ.
איבּערלעשן — טרוו. לעש איבּער, ~געלאָשן. 1. לעשן נאָכאַמאָל, לעשן פֿונדאָסנײַ. „דאָס פֿײַער פֿון שײַטער בּרענט נאָך אַלץ. לאָמיר עס א, מיט זאַמד“. 2. צוגיסן נאָך וואַסער בּײַם לעשן וואַפּנע. א, די אָנגעהיצטע קאַלכשטיינער. א, וואַפּנע און זי מאַכן שיטערער. 3. (ווידער) ניצן קלעקפּאַפּיר. א, דאָס אָנגעשריבּענע מיט טינט. ־עניש.
איבּערלצעווען — [...לעצעווען] אוטוו. לצעווע איבּער, ~געלצעוועט. ווידער, פֿונדאָסנײַ לצעווען, אָפּלאַכן. א, פֿון ערנצטע מענטשן.
איבּערלקהענען — [...לאַקכענען] ← איבּערלאַטכענען.

איבערמאָביליזירן — טרוו. ־זיר איבער,
~(גע)מאָביליזירט. נאָכאַמאָל אָדער אויף אַן
אַנדער אופֿן מאָביליזירן, אַרײַננעמען אין
מיליטער אָדער צוגרייטן פֿאַר מלחמה אָדער פֿאַר
אַן אַנדער מין קאַמף. א, די פּאַרטיי־מיטגלידער
ערבֿ די וואַלן. א, די אינדוסטריע. ־ונג.
איבערמאַגל(י)עווען — ← איבערמאַנגלעו.
איבערמאַגנעטיזירן — טרוו. ־זיר איבער,
~(גע)מאַגנעטיזירט. 1. נאָכאַמאָל אָדער אויף
אַן אַנדער אופֿן מאַגנעטיזירן. א, שטאָל מיט
עלעקטרע. 2. מאַגנעטיזירן נאָך מער,
שטאַרקער. א, דעם המון מיט דעמאַגאָגישע צוזאָגן.
־ונג.
איבערמאָגערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געמאָגערט. מאַכן מער מאָגער ווי עס איז נייטיק.
געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך מיט אַ צו
שטרענגער דיעטע. ־ונג. ־עניש.
איבערמאָדולירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־
מאָדולירט. איבערפֿורעמען. איבערשטעלן לויט
אַן אַנדער מאָדעל אָדער מאָדוס. א, די פֿריזור.
א אַ רויע שטים ־ונג.

, .

איבערמאדימען — [...מײ'דימען] טרוו. מאדים איבער, ~געמאדימט. איבערשטאַרקן עמעצן מיט פֿלינקייט, בריהשקייט, כיטרעקייט. א, אַלע ווײַסע־חבֿרהניקעס.

איבערמאָדיסיצירן — טרוו. ־ציר איבער, ~(גע)מאָדיפֿיצירט. מאָדיפֿיצירן אויף אַן אַנדער אופֿן, לויט אַן אַנדער סיסטעם. א, דעם אָפּקלײַב פֿון ווערטער פֿאַר אַ ווערטערבוך. ־ונג.

איבערמאָדליען — טרוו. ־ליע איבער, ~ געמאָדליעט. פּד. ווידער אָדער אַ סך מאָל מאָדליען, זאָגן געבעטן (וועגן אַ ניט־ייִד). „וואָס ד אַלטע גויע מאָדליעט איבער!“. מיט ז י ך

— מאָדליען און אויפֿהערן. א, זיך און זיך נעמען צו דער אַכילה. ־עכן. ־עניש.

איבערמאָדעלירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)מאָדעלירט. 1. איבערפֿורעמען, איבערקלעפּן, איבערגיסן לויט אַ מאָדעל. א, דעם געפּלאַנטן געטאָ־דענקמאָל. 2. אומאַנדערשן, רענאָווירן אַ בנין; איבערבויען. בײַטן

אויסשטאַטונג. „דעם נײַעם האָטעל איבערמאָדעלירט און אויסגעמעבלירט ניט צו דערקענען“, ש. אַש, גראָטמאַן און זון. „מע האָט זיי געהייסן אַרויסציִען זיך...מע גייט דאָרטן דאָס הויז א',,, מ. דלוזשנאָווסקי, פֿאַש, 1962 ◌י1 I. ־ונג.

איבערמאָווערן — אוקר. ← איבערמויערן.

איבערמאָזלען — אוטוו. ־זל איבער, ~ געמאָזלט. 1. איבערקומען מאָזלען. „אַלע מײַנע דרײַ קינדערלעך האָבן שוין ברוך־השם איבערגעמאָזלט,,, רייד. 2. מאָזלען גלײַכצײַטיק מיט אַ צאָל. „דאָס גאַנצע קליינוואַרג אין שטוב מאָזלט איבער בקאָמפּאַניע“, רייד. *

איבערפּאָקן און א, = אויסשטיין און איבערקומען שווערע איבערלעבונגען (מיט אַ רמז אַז דאָס איז ניט געווען אויסצומײַדן). „ווער פֿון א◌נדז האָט דאָס פערזענלעך ניט איבערגעלעבט, און ניט איבערגעמאָזלט און איבערגעפּאָקט?“, י. לעשטשינסקי, פֿאַש, 8 ◌1951 I. „[זי] מוז

איבערמאַכן

אַליין איבערפּאָקן און א', ביזוואַנען זי וועט געזונט ווערן“, סאָוו, היימלאַנד, 6 l965, No.

איבערמאַזשען — טרוו. ־זשע איבער, ~ געמאַזשעט. איבערשמירן (גיך, שלעכט). א, די ווענט מיט אַ מיתה־משונה־קאָליר. ◻ עכץ. ־עניש. אויך: ~מאַ(ד)זשגען, מיטן צוגאָבב: איבערפֿאַטשקען.

איבערמאַטערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געמאַטערט. צו פֿיל אָנשטרענגען; צווינגען צו אַרבעטן איבער די כּוחות. א, די אַרבעטער אין פֿאַבריק. א, די תּלמידים אין קלאַס. א, די פֿערד. "לויפֿן דאַרף מען זיך לערנען ריכטיק און פֿאָרזיכטיק כּדי ניט א, דאָס האַרץ", ע. מעשטשינטקי, פּיאָנער..., מאָסקווע 1932.

איבערמאַטערן זיך — ← דפּוו. 1. זיך אָנשטרענגען איבער די כּוחות. אַרבעטן מיטן שווייס פֿון דעם פּנים, זיך א, און אײַנרײַסן זיך דאָס געזונט. 2. פּלאָגן זיך, לײַדן (ווייטיקן) אַ לענגערע צײַט. זיך א, אין נויט אַ לעבן־לאַנג. זיך א, עטלעכע חדשים אין שפּיטאָל און מאַכן אַ שטאַרב. 3. קווּעלן זיך, לײַדן דחקות, נויט און אויפֿהערן. איבערקומען. זיך א, אין די גרינע יאָרן און זיך אַרויפֿאַרבעטן. ־ונג. ־עניש.

איבערמאַך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערמאַכן. אַן א, איינס און צוויי. ",

פֿײַלכע, נישט אַמאָל פֿאָלקס־עטימאָלאָגישער א,
פֿון וואָרט '(אַ)ווײַלכע'?", נפֿ, ויִפֿאַ, 1939,
.No 14

איבערמאַכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערמאַכן. „דען ס'איז קלאָר,
אַז אויב מע מעסט אַ שטיקל אַרבעט מיט
אַן אַרבל, בעט זיך [דערנאָך] פֿיל־ווייניקער
א'ען", י. ריוועס, דער שנײַדער, ווילנע 1913,
. ▯ No

איבערמאַכט — די, ־ן. 1. אייבערמאַכט.
העכערע שטאַרקערע מאַכט (פֿון מלוכה, קירך,
קאַפּיטאַל אאַ). די א, פֿון קאַטוילישן קלויסטער.
א, פֿון דיקטאַטור. 2. סופּעריאָריטעט.
געווינען, קריגן די א,. „זיי האָבן פֿאַרלוירן די א,
אין פֿאַרמעסט„ פֿאָר, 3 .6 ▯ 1965 I.
גרע... ,
סערער פֿיזישער אָדער מיליטערישער כּוח. „
געברויכן רויען געוואַלט, זיך...באַניצן מיט די
קערפּערלעכע א, און אונטערדריקן די
שוואַכערע פֿון זיך„, איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ],
בלעטער, פּעטערבורג 30 l90l, No. "אין דעם
עצם פֿאַרנעמען זיך פֿון אַ קליין הײַפֿל
קעמפֿער קעגן אַן אומגעהײַערער א'", ה. זײַדמאַן,
טמז, 4 .4 1964 XII. גרעסערער גײַסטיקער

כוח. די א, פֿון אַ נײַער אידיי(ע). די א, פֿון די גלייבּיקע לגבּי די אומגלייבּיקע. פֿרגל אייבּערמאַכט.

איבּערמאַכן — טרוו. מאַך איבּער, ~געמאַכט.

1. מאַכן נאָכאַמאָל, איבּערחזרן אַ טואונג. א, די געניטונג אין אַ גיכערן טעמפּאָ. *א, דאָס קינצעלע (אַקטיאָריש) = שפּילן נאָכאַמאָל די סצענע. 2. מאַכן אַ סך מאָל דאָס זעלבּיקע אָדער פֿאַרשיידנס. א, עטלעכע פֿונט פֿיש צום סדר. אַזוי פֿיל מאָל א, די געניטונג, בּיז זי וועט אַרויסקומען פּערפֿעקט. „הערשעלע האָט

איבּערמאַכן זיך

זייער ליבּ צו בּאָדן זיך, צו שווימען,

איבּערצומאַכן אין וואַסער אַלע קונצן„, ממוס, ווינטשפֿ.

3. איבּעראַרבּעטן, איבּערפֿורעמען. „בּײַם

אײַנמאַכן אָדער א, ציצית איז מען געוואָרנט ניט אָפּצושנײַדן די פֿעדעם מיט אַ מעסער אָדער שער, נײַערט מע בּײַסט זיי אָפּ“, אַבֿרהם

רעכטמאַן, ייִבֿל XI ◻ II. “די גלופּסקער ייִדענע זאָגט זיך חלילה ניט אָפּ פֿון אַ נײַער מאָדע...זי מאַכט זי איבּער נאָך איר אייגענעם גוסט“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „האָבּ איך איבּערגעמאַכט

'די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה, אויף ייִדיש פֿאַר
איך, מײַנע ליבּע בּרידער, וואָס פֿאַרשטייען
ניט קיין רוסיש", בּן־עמי, די ערשטע נאַכט
פֿון חנוכּה, אַדעס 1893. „עס גייט צו סובּות,
לאָזט זי זיך א, דאָס שטערנטיכל,,, פּרץ,
פֿאָלקסט, געשיכטן. „מע פֿלעגט אים געבּן
איבּערצומאַכן פֿון אַ לאַנגן קאַפֿטן אויף אַ
קורצן", מ. ווײַסמאַן פֿון בּריסק בּיז
סע,

מיאַטיטש.

4. איבּערבּײַטן. „טאַקע דעמאָלט האָבּן מיר
אים געקרוינט מיטן נאָמען 'פֿעפֿערל',
איבּערגעמאַכט...אויף ייִדיש פֿון פּערטשיק,,, ש ,
טבֿיה. „עס זײַנען בּײַ אים געבּאָרן געוואָרן
קינדער, ער האָט זיי געגעבּן ייִדישע נעמען,
אָבּער גלײַך איבּערגעמאַכט אויף רוסישע",
לדבּ, נ,,י תּשי"ז. „דער ליטווישער ייִד האָט
דאָך בּײַ דעם וואָרט [נאָז] איבּערגעמאַכט דעם
גראַמאַטישן מין", אאר, ייִשפּ 3 ,I־6. 5.

מאַ
כן אַנדערש, איבּעראַנדערשן. א, די היימאַרבּעט,

א, די פּיעסע, דעם גרים. „גשעהנע זאַכן זײַן זעלטן צו איבּר מאַכן", עיון, נו/ב. „מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פֿאַר אַלע באַשעפֿענישן, אַזאַ געזעץ וואָס קיינער...איז ניט אין שטאַנד איבּערצומאַכן", ממוס, קליאַטשע. „וואָס געווען ס'ניט א', וואָס וועט זײַן — דאָס קען מען יאָ", י. אײַזמאַן, „ממעמקים, ג טאָ־לידער, בוקאַרעשט 1945.

6. משנה זײַן, בײַטן (די פֿירונג, דעם כאַראַקטער). „אַ נאַר און אַן עקשן קען מען ניט א'", ש וו. „אַ וועלט [= די מענטשן] קען מען ניט א'", שוו. „די צרות...פֿון דער ווײַב און זײַן שלעכטע לאַגע...האָבּן אים אַ ביסל איבּערגעמאַכט זײַן כאַראַקטער", בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די שווערע צײַט, וואַרשע 1887. „ווען זיי, מענטשלעך, זאָלן האָבּן די מאַכט, וואָלטן זיי די גאַנצע וועלט איבּערגעמאַכט", ממוס, שירה. „— מנוחה, דו וועסט מיר ניט א'! — אַבּראַם, דו וועסט גאָרניט אויספֿירן!", ש. בּ. [ש. בּעקערמאַן], דיא גוטע פֿרויא, ווילנע, יאָר?

7. כּלומרשט בײַטן (נאָר לפּנים וועגן). „געלט מאַכט איבּער אַ גראָבּן־יונג פֿאַר אַ למדן, פֿון אַ פֿאַרדאָרבּענעם כאַראַקטער צום אַדלמאַן", דער רײַזנדער, וואַרשע 1883.

8. אויסבעסערן (מאָראַל, מדות);
פֿאַרפֿולקומען. איבערלאַדעווען. „ניט מיט שעלטן, ניט
מיט לאַכן קען מען די וועלט א',,; „מע קען
די וועלט ניט א', ניט מיט שעלטן, ניט מיט
לאַכן“, שוו. „ניט מיט וויינען, ניט מיט לאַכן
קען מען דעם מענטשן א'“, שוו. „אַן אָרעמאַן
מוז גיין ניט פֿאַרשפּילעוועט, די האַרץ אָפֿן,
די וועלט וועסטו ניט א,“, ר, יעקבֿ מדובנא,
משלי חכמה, ווילנע תּר„ן. „מיר וועלן מיט

אײַך די וועלט ניט א', מיר זענען דאָס
גאָרנישט מחויבֿ„, שע, מעשׂיות פֿאַר ייִד, קינדער.
„האָט מיר דער טאַטע מבאר געווען...ווי אַ
חסידישער ייִנגל דאַרף א, די האַרץ“, לדבֿ,
נ“י תּשי“ן.
9 פֿאַרריכטן. גרינטלעך א, די קאָמפּאָזיציע.
.
„אַ שורה, אַן אויסדרוק אָדער אַ וואָרט, וואָס
אַ גרויסער דיכטער האָט אויסגעמעקט אָדער
איבערגעמאַכט, קען אונדז...מער לערנען...ווי
גאַנצע ביכער“, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I.

10. נאָכמאַכן, אימיטירן. א, דעם רבינס אַלע תּנועות און העוויות. שפּילן דעם לץ און א, יעדן גאַסט אויף דער שׂמחה. א, אַ חתימה.

11. אָנגעטרויען, איבערגעבן (יורידיש) אין עמעצנס רשות. איבערשרײַבן אויף אַן אַנדער נאָמען. א, די קראָם אויפֿן ווײַבס נאָמען. א, דאָס רעכט אויף ירושה; א, די ירושה. א, די קאָנטע אין באַנק אויפֿן נאָמען פֿון זון. „מע קען רעדן, מע קען לאַכן, מע וועט דעם נדן ניט א'", גאָר, די באָרד, זשיטאָמיר 1868. „אים וועל איך קענען אָנטרויען מײַן גאַנץ אייגנס ...א אַלץ פֿון האָר ביז גאָר אויף אים, אויף

זײַן נאָמען", ג. ח. לעוונער, דיא באַשערטע פּאָר, ווילנע 1898.

12. אַרכ. איבערבײַטן, אויסבײַטן (איין מין געלט אויף אַ צווייטן). „וויא ער תּוך הנוביר גיקומין איזט, האָט ער זײַן מעות לגיסי ר, ליפּמן געבין זאָל אים המעות איבר מאַכין אַן דען אורט", גה, 76. „ווײַל קהל — נון פֿר גוט בפֿונדן דז זעלכי מעות זאָל פֿר חלפֿנט ווערדן...דאשׂ מן עז איבר מאַכין זאָל", 'פּנקס קהלת אה"ו', כרוז ס"ב, תפּ„ה, [ייִבל

.[XXXIII
איבערמאַכן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.
אַרבעטן איבער זיך כּדי זיך צו פֿאַרבעסערן,
זיך א, און פּטורווערן פֿון אַ סך שלעכטע
מידות און געוואוינהייטן. זיך א, און ווערן
אַ נײַער מענטש. „אפֿשר איז גרינגער
איבערצומאַכן גאַנצע וועלטן איידער אַ ביסעלע
איבערצומאַכן זיך?“, ימ, קוד. 2. אוטוו. ווערן
אַנדערש (אָן אָנווײַז אויף סיבה אָדער בפֿירושער
סיבה). „מע מאַכט די וועלט ניט איבער, זי
האַלט אין איין א, זיך“. „וואָס עס האָט זיך
אַלץ איבערגעמאַכט אין דעם אַרום!“.
איבערמאַכעכץ — דאָס (די), ־ן, ־ער. ל2.
אויך מיט בײַטעם פֿון ביטול. (ניט־גענוג
גוטער) אופֿן אָדער רעזולטאַט פֿון איבערמאַכן.
אַן א, פֿון אַ בעל־מלאָכה אַ פּאַרטאַטש ־עניש.
־
.
איבערמאַכער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס מאַכט איבער. „דער פֿאָלקשרײַבער...
דער א, און איבערדרייער פֿון עפּעס וואָס מע
האָט גענומען פֿון פֿריִער„, ימ, ייִשפּ 4 ,XIII.
־ערײַ. —יש — אַדי. ־ישקייט.
איבערמאַכערײַקע — די, ־ס. (אַקטיאָריש)
אַ ניט־גאָר געלונגענע איבערגעמאַכטע אָדער

איבערגעזעצטע פּיעסע. היימיש, 1958 'ו No 11־12.
איבערמאַל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע
איבער, ~געמאַל(י)עוועט. איבערמאָלן מיט פֿאַרב.
איבערוויַסן, איבערפֿאַרבן. א, די שטוב אויף

איבערמאַנעווירן

פּסח. ,,זוכן עמעצן, וועמען דער שטורעם פֿון
יאָרן האָט איבערגעמאַלעוועט פֿון שוואַרץ —
אויף גרוי", אַבֿרהם ש ולמאַן, פֿאָר, 30 1965 X.
אויך מיט ז י ך — א, זיך פֿון רויט אויף
שוואַרץ.
איבערמאָלן 1 — טרוו. מאָל איבער, ~
געמאָלט. 1. (בעל־מלאָכהש) מאַליעווען, פֿאַרבן
נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנייַ. שלעכט פֿאַרמישן די
פֿאַרבן און מוזן א אַלע צימערן. "מע דאַרף
,
צוגעבן איין אָדער צוויי לעפֿעלעך ציטראָנעל
צו אַ גאַלאָן פֿאַרב און דערמיט א, די ווענט",...
פֿאָר, 2 .24 ▯ 1965 III. נאָכמאַכן, קאָפּירן,
רעפּראָדוצירן אַ (קינסטלעריש) בילד. א, אין
מוזיי רעמבראַנדטס 'אַמסטערדאַמער רבֿ'. א,
אַלטע פֿרעסקאָס. ,,זעלטן גיט זיך איַין צו
א'...דאָס פּנים מיט...אַזאַ שאַרפֿקייט ווי די

גריכישע מאַסקעס“, מוק, טעאַטער און ייִד,
טעאַטער. מיט ז י ך — „איצט איז די
לאַנדשאַפֿט גאָר אַנדערש געוואָרן. עס האָבן די
ביימער זיך איבערגעמאָלט“, סעג, 'אַ טאָג,.
איבערמאָלן 11 — טרוו. מאָל איבער, ~
געמאָלט, ~געמאָלן. מאָלן נאָכאַמאָל
תּבֿואהקערנער אא קערנדלעך אין אַ מיל, מיט אַ
מילכל. א, עטלעכע זעקלעך ווייץ. א, פֿעפֿער.
פֿיג. א, די מאַסע, זי דורכלאָזן דורך אַ
פּראָפּאַגאַנדע־מיל.
(פֿון ביידע ווערבן) ־ונג ־עכץ ־עניש.
. .
־ער. ־עריי.
איבערמאַלפּעווען — טרוו. ־פּעווע איבער,
~געמאַלפּעוועט. פּעיאַ. איבערקרימען.
נאָכמאַכן, נאָכקרימען. א, מענטשן אָדער פֿירונגען
וואָס זיינען אין דער מאָדע.
איבערמאַנגלען
— טר ▯ עז. 1. נאָכאַמאָל
. ־גל איבער, ~
געמאַנגלט. אויך: ~מאַג
פּרעסן טרוקענע וועש אָדער שטאָף מיט אַ
מאַנגל (פּרימיטיווער הילצערנער פּרעס). 2.
מאַנגלען, פּרעסן אַ צאָל. א, איינס און צוויי אַלע

העמדער.

איבערמאַנטאַטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~געמאַנטאַטשעט. אויך: ־טשעווען. < . ווורר. 1 פֿאַרשווענדן, צעפּטרן, צעטרענצלען.
.
א, דעם נדן מיט דער ירושה. 2. איבערדרייען, פֿאַרפּלאָנטערן (רייד). א, יענעמס ווערטער, עס זאָל אַרויסקומען אַ קריגערײַ.

איבערמאָנטען — טרוו. ־טע איבער, ~ געמאָנטעט. אוקר. אַריבערציִען עמעצן אויף דער אייגענער זײַט (מיט צוזאָגן, מיט חניפֿה אָדער פֿאַלשקייט). א, דעם שטאַרקן יונג צו דער אייגענער חבֿרה.

איבערמאַניען — טרוו. ־ניע איבער, . געמאַניעט. אַריבערציִען צו זיך מיט גוטסקייט, מיט מתּנות, מיט צוזאָגן (גאָלדענע בערג). אויך: א, מיט פֿאַלשקייט, מיט כיטרע ריידעלעך. א, צו זיך עמעצנס מיידל. „אָט לויפֿן זיי אַריבער אין אַ צווייטער טרופּע, אָט מאַניען מיר זיי איבער פֿון דער צווייטער“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

איבערמאַנעווירן — טרוו. ־ריר איבער, ~(גע)מאַנעווירט. איבערקליגן, איבערשטאַרקן דורך מאַנעווירן. דער אַדמיראַל האָט

בערמאַנעווירט דעם שטאַרקערן שׂונא. א, איז
די העכסטע דיפּלאָמאַטישע קונסט. ־ונג.
איבערמאַ'נען — טרוו. איבערמאַ'ן, ~מאַ'נט.
אַרכ פֿרידײַטש: ן]נbermanne〈i. גובֿר זײַן,
.
איבערשטאַרקן, איבערגעוועלטיקן. ,,ווען איין
(דיין) גייט פֿון (בית־דין) אַוועק, אַזו זאַל ער
ניט זאָגן צו דעם דער דא דעם משפּט פֿר
לאָרן האָט, איך האב דיר ווען גרעכט געבן,
נייארט איך בין פֿון מײַן חבֿרים איבר מאַנט
גיווארן,,, מהמ, אַמשט 1722, מז/א.
איבערמאַנצלען — טרוו. ־צל איבער, ~
געמאַנצלט. וורר. איבערכיטרעווען. א, דעם
גרעסטן זשוליק.
איבערמאָס — די, ־ן.:2〈m־〈e〈ו:d〈M.
1. דאָס וואָס איז מער ווי די מאָס; גרויסע
מאָס. דאָס וואָס איז מער פֿון דער נאָרמע.
'משלם על יתר,, (תּהלים, לא, 24) פֿאַרטײַטשט
תּי: ,,באַצאָלט מיט אַן א'.. ,,דער מזל האָט
געגאָסן אויף אים שטראָמענווײַז גליק אין אַן
א',,, זשיט I, נ"י 1912. ,,נאָר צי וועט ניט

דאָס קינד דורו דער א, קריטישקייט אָנווערן דאָס געפֿיל פֿון זיכערקייט?“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. „דו האָסט געשאַרפֿט די ציין פֿון פֿײַנד, ער זאָל זיך אונדזער בלוט מיט א, פֿאַרגינען„, י. מאַניק, אַ תּפֿילה'.

,

-

2. העכערקייט אין ווערט, סופּעריאָריטעט. א, פֿון ייִדישער עטיק. ‘‘אַן א'...פֿון שׂכלהישר“, פֿאַש, 24 1950 XI.

איבערמאַסאַזשירן — טרוו. ־זשיר איבער, ~(גע)מאַסאַזשירט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער מאַסאַזשירן. א, די פּלייצע. 2. מאַסאַזשירן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. ־ונג.

איבערמאָסטען — ← איבערמאָשטשען.

איבערמאָסיק — אַדי. וואָס איז איבער דער מאָס; וואָס האָט אַ שײַכות צו איבערמאָס. א'ע רייד. „רײַסן אַרויס שווערע און א'ע פּראָצענטער„, זק, שד . „אַדאַנק זייערע א'ע געשלעכטלעכע באַציאונגען הערן זיי כמעט ניט אויף צו מפּילן“, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. א'ע אַקאָרדן.

־יקייט.

איבערמאַסירן — טרוו. ־סיר איבער, ~(גע)־
מאַסירט. איבערדרײַבן, איבערגלעטן. אויך מיט
ז י ך. ← אויסמאַסירן זיך.
איבערמאַסקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)־
מאַסקירט. פֿאַרשטעלן, פֿאַרמאַסקירן אויף אַן
אַנדער אופֿן. מיט ז י ך. נאָך 12 בײַנאַכט
זיך א'.
איבערמאָצעווען — טרוו. ־צעווע איבער,
~געמאָצעוועט. איבערשטאַרקן. א, דעם קופֿערט
מיט שטריק. א, עמעצן בײַם ראַנגלען זיך.
איבערמאָצען — טרוו. ־צע איבער, ~
געמאָצעט. אויך: ~מאָטשען. סל. איבערווייקן.
א, די ביינער אין באָד. א, הערינג.
איבערמאַר(אַ)וויכערן — טרוו. ־ער איבער,
~געמאַר(אַ)וויכערט. איבערזשוליקן.

שטײַגן אין זשוליקערײַ, אין גניבֿות. א, אַפֿילו
גימפּעלע גנבֿ.
איבערמאָראַליש — אַדי. וואָס איז
מאָראַליש אויף אַ העכערער מדרגה. „דער פּאָעט

ון...פֿאַנטאַסטישער ליבע ון..א'ן
האַמלעטיזם“, קאָר I. ־קייט.

איבערמאָרגן — אדוו & סוב. ד ר, ־ס.

1. טאָג וואָס קומט נאָך מאָרגן. „אובר מורגן — יום שלישי“, אב, שמות דבֿריס, איזנע 1542. „בליבט איר הלט ביש אובר מורגן“, בבֿא־בוך, 509. „אונ, טוא מורגן אַך תּשובֿה אוב ער מעכט איבר מורגן שטערבן“, מב, מעשׂה ט. „הײַנט האָבן מיר גערעדט פֿון די ציין, מאָרגן וועלן מיר רעדן פֿון דער סלונע און א, נאָך פֿון עפּעס“, וו. און ס., איבז, די מע tה פֿון דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869. „זיי וועלן זײַן מאָרגן...אין באָרישאָוו און אַפֿילו א, — וואָס איז אַזוי? דער רוח וועט זיי ניט אַוועקכאַפּן,„ ברוך שפּטרני, בעל־עגלות, וואַרשע 1880. 2. אומבאַשטימטער ווײַטערער עתיד. דער שווערער מאָרגן און דער גליקלעכער א'. ־— ווען קריג איך דעם חובֿ? — א',„ רייד. „און דאָ קומט דער עטישער בטלן...און טרייסט זיך מיט דעם אַז א, וועלן אַלע פֿעלקער פֿאַרשווינדן,„ זשיט II, נ„י 1912.

איבערמאָרדעווען — טרוו. ־דעווע איבער,

~געמאָרדעוועט. איבערמוטשען מיט שווערער אַרבעט. א, די לייַבאייגענע מיט פּאַנשטשיזנע. מיט ז י ך — 1. זיך שטאַרק אָנשטרענגען. א, זיך פֿאַר די עקזאַמענס. 2. זיך פּלאָגן (מחמת שלעכטן מצבֿ). זיך וואַרפֿן אויף אַלע זײַטן, א, זיך מיט אַ סך מלאָכות. 3. (מיט ביטול) אַרומשמײַען, כּלומרשט זיך אָנשטרענגען. א, זיך בײַ קהלשער אַרבעט. 4. אויפֿהערן ברויזן, זײַן אין כּעס.

איבערמאַרודע(ווע)ן — אוטוו. ־דע(ווע) איבער, ~(גע)מאַרודע(ווע)ט. פּפּ: ~ מאַרודז(י)ען. צו שטאַרק מאַרודעווען, טאָן עפּעס פּאַמעלעך. א, איבער איין שטיקל אַרבעט אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג.

איבערמאַרינירן — טרוו. ־ניר איבער, ~(גע)־מאַרינירט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער אַנדערש מאַרינירן. א, פֿיש און צוגעבן מער געווירצן און מער לאָרבערבלעטער. 2. מאַרינירן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. „וויפֿל הערינג איך האָב שוין איבערמאַרינירט!“. 3. צו פֿיל, צו לאַנג מאַרינירן. אויך פֿיג. א, דעם טשאָלנט. א, אַן אַרטיקל ־ונג.

.

איבערמאַרמערן — טרוו. ־ער איבער, ~

געמאַרמערט. איבערמאָכן, איבערפֿאַרבן, עס זאָל אויסזען ווי מאַרמער, מירמל(שטיין). א, איין וואַנט.

איבערמאָרען — טרוו. ־רע איבער, ~ געמאָרעט. איבערמוטשען, איבערמאַטערן (און דערבײַ ניט געבן גענוג צום עסן). א, די לאַגערניקעס. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

איבערמאַרקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)מאַרקירט. נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש

אָנאיבערמוט

מערקן צייכנס. א, די פּרײַזן פֿון די סחורות. א אַ גרענעץ ־ונג.

, .

איבערמאַרשירן — אוטוו. ־שיר איבער, ~(גע) אַרשירט. מאַרשירן, גיין אין אַן אָנגעמערקטן סדר ווידער, נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש. א, איבער דעם זעלביקן בולוואַר.

איבערמאָשטשען — טרוו. ־שטשע איבער, ~געמאָשטשעט. איבערשטעלן, איבערלייגן (עס זאָל זײַן באַקוועמער אָדער עס זאָל מער אַרײַן). א, זאַכן. א, די פּסחדיקע כּלים אויפֿן בוידעם. מיט ז י ך — באַקוועמער זיך אײַנאָרדענען

(אין אַן ענגשאַפֿט). א, זיך אין בויד. „מאַטילדע
האָט זיך ווידער איבערגעמאָשטשעט אויפֿן
זאַמד“ פֿאָר, 1965 I 21.

,

איבערמאַשענעווען — טרוו. ־נעווע איבער,
~געמאַשענעוועט. סל. איבערזשוליקן,
איבערמאַר(אַ)וויכערן.
איבערמבולן — [...מאַבלען] אוטוו, אומפּ. עס
מבולט איבער, ~געמבולט. שטאַרק רעגענען
אַ לענגערע צײַט אָדער אויפֿהערן שטאַרק צו
רעגענען. ס'וועט באַלד א'.
איבערמוזן זיך — אַקוזוו. אימפּ, איצ נב;
זיך ~געמוזט. (שפּאַסיק). מער ניט מוזן.
„— איך מוז עס האָבן! — נישקשה, ס'וועט
זיך דיר א',,, רייד.
איבערמוהן — [...מויעכן,...מויאַכן] טרוו.
מוח איבער, ~געמוחט. 1. איבערקליגלען,
איבערשפּיצן. א, עמעצן מיט אַ נײַ המצאהלע.
2. איבערטראַכטן (איר בײַטעם). „וואָס מע
קען נאָר א, אין איין שלאָפֿלאָזער נאַכט“, רייד.
איבערמוט — דער (אַרכ אויך: דאָס). בא.
muo be :1 . d. גרויסער מוט,
העלדישקייט, גבֿורה. זיך וואַרפֿן אויפֿן שונא מיט
א'. אַרויסווײַזן א, אויף אַ געפֿערלעכער

פּאָזיציע. „חכמים זאגין חמירא סכּנתּא מאיסורא, דאז מיינט: דער זיך מסכּן איז אויז איבּר מוט, איז בּיזר אַלז ווען ער איין איסור דאורייתא טוט“, צוכט.

2. ווילדווילן, מוטוויליקייט. אָפּטאָן שלעכטס מיט א'. „אבּר דו ווייש̇ט וואול דש̇ גאָט יתבּרך דײַן פֿאטר שטראָפֿט פֿון זײַן גרוש̇ איבּר מוט וועגן„, צאינה, תּרגום שני. “דא דש̇ גלויק [= גליק] בּראכט אים דש̇ גויט [= גוטס], דא טרייבּא ער גרוש̇ איבּר מויט“, 'מינכענער כּ„י, 16. י“ה. „שאַף אים אַ שטעלע, פֿון קיין א, קומט מען דאָך נישט בּעטן“, ווײַס I, ‚איינער אַ מענטש'.

3. שטאָלץ, גאווה, פֿאַרריסנקייט. „גלײַכן צו מענכן רײַכן דער דא טרײַבּט גרוש̇ן איבּר מוט און וויל זיך זער פֿאַר לאש̇ן אויף זײַן גוט“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. „אונ, ער קאַם אין דש̇ לאַנד אושפּאַניה אונ, ער מאַכט אונטר טעניג דען איבּר מוט אונ, דיא הופֿרט דיז פֿאָלקש̇ גיתּוס [= גאָטן]“, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „דש̇ איבּר מוט פֿון דיא נשים איז צו פֿיל...צו פּרעזנטירן אויף דיא גאַסין איין פֿולי האַלז קרעלין מיט גאָלדן גילדן דראָן הענגין„, כּוכבֿא דשבֿיט, אַמשט 1695. „האבּן

גרוסן איבּר מוט גיטריבּן און האבּן דר צירינט
דײַן הייליגין נאמן,,, תּחנות ובֿקשות, 1787,
אָרט?

איבּערמוטיק

איבּערמוטיק — אַדי. 1. וואָס האָט
איבּערמוט. וואָס איז שטאָלץ, פֿאַרריסן. אורח פֿאַר
טײַטשט 'בּהוללים, (תּהליס, עג, 3): ,,
איבּערמוטיקע, שטאָלצע" [תּי: ,,מוטווילּיקע,,]. 2. וואָס
איז האָפֿערדיק, אויפֿגעלייגט. ,,צווייטע
טענצערין: (איבּערמוטיק) רײַסט אַראָפּ די קאָפּקעס! ,
פּרץ, בּײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק.
איבּערמוטשען — טרוו. ־טשע איבּער, ~
געמוטשעט. איבּערמאַטערן, איבּערפּײַניקן. א, אַלע
אַרעסטאַנטן. מיט ז י ך — 1. אַ לענגערע
צײַט זיו מאַטערן. זיך א, אין גרויסער נויט.
*זיך א, די וועלט = ווי ניט איז דורכקומען
מיט מאַטערניש, אין נויט. 2. מאַטערן זיך
און אויפֿהערן. א, זיך און זיך דערשלאָגן צו
עפּעס. ,,פֿאָרט מען אַוועק צום רבּין אין דער
חבֿרה בּאָרשט, און ווײַבּ און קינדער לאָזן
זיך...מוטשען בּיז זיי וועלן זיך א"', ייִל,
פּוילישע יונגל, אַדעס 1895. ,,נישקשה. זי וועט

זיך שוין איבערן זומער א, און וועט מיט
גאָטס הילף ביסלעכווײַז דורכקומען,,, דר, ה.
זאָלאַטאַראָוו, גש I, נ,,י 1924. ־עניש.
איבערמויערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געמויערט. אויפֿשטעלן אַ מויער פֿונדאָסנײַ.
איבערבויען אַ מויער. א, דעם בית־מדרש. א,
די פֿײַערוואַנט ־ונג.

.

איבערמוכרן — [...מויכערן] מוכר איבער,
~געמוכרט. טרוו — איבערפֿאַרקויפֿן. א, אַלץ
וואָס מע האָט אײַנגעהאַנדלט אויפֿן יריד. אוטוו
— האַנדלען מיט פֿאַרשיידענע זאַכן.
איבערסוחרן און א, מיט כל אַשר בא בידו.
איבערמוליען — טרוו. ־ליע איבער, ~
געמוליעט. 1. איבערוואַשן מיט זייף, מיט
מולינעס. א, דאָס ברודיקע גרעט. 2.
איבעררײַבן, דורכרײַבן. א, די קני פֿון די הויזן.
מיט ז י ך — זיך אויסרײַבן, (אין איין אָרט)
ווערן דורכגעריבן פֿון באַנוץ. דער שטריק
האָט זיך איבערגעמוליעט. א, זיך ווי דער
דריישטריק בײַם ברונען. אַ שרויף קען זיך
א'. ,,אַפֿילו אײַזן קען זיך א'" פֿוול (בריסק).
—
,
איבערמולירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־

מוליוט. ווידער אויסמולירן (←.).
איבערמומלען

— ט״עז. איבערזאָגן שטיל,
וו. ־מל איבער, ~
געמומלט. פּפֿ: ~מודמ
אומקלאָר. א, די זעלביקע קינדערישע בקשה.
־עניש.
איבערמונטערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געמונטערט. ווידער אָדער אַנדערש מונטערן. א,
די געסט מיט נאָך משקה. ־ונג.
איבערמוסירן — אוטוו. ־סיר איבער, ~ (ע:
מוסירט. אויפֿשוימען, אויפֿבלעזלען און
אַריבעררינען. די וואַרעניע איז מכולה און האָט
אָנגעהויבן א'.
איבערמוסרן — [...מו'סערן] טרוו. מוסר
איבער, ~געמוסרט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אויף
אַן אַנדער אופֿן מוסרן. „מיינסט אַז מוסר האָט
ביז איצט ניט געהאָלפֿן, וועט העלפֿן דאָס
א'?„ רייד. 2. מוסרן אַ סך, אַ צאָל. א,
אַלע קינדער פֿון הויף.

-

איבערמוסן — מוף איבער, ~געמופֿט. אָמ.

ba ... :to mo e .<. אוטוו — בײַטן וואוינאָרט.
א, אין אַן אַנדער געגנט. א, אַלע מאָנטיק
און דאָנערשטיק. טרוו — אַריבערפֿירן. א,
די קינדער אין אַן אַנדער שול. „האָב איך
איבערגעמופֿט מײַן אָפֿיס ,אַפּטאַון'", טמז,
.III 19 5 11
איבערמוקען — אוטוו. ־קע איבער, ~
געמוקעט. נאָכאַמאָל אָדער כסדר מוקען,
אַרויסגעבן קלאַנגען (ענלעך צו) מו־מו. ־עניש.
איבערמורזען — טרוו. ־זע איבער, ~
געמוזעט. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער זייער קאָנטיק
פֿאַרפֿאַטשקען פֿאַרשמירן (געוויינלעך דאָס פּנים).
, — —
„וואו האָסטו אַזוי איבערגעמורזעט דאָס
פּענעצל דײַנס?„, רייד.
איבערמורמלען — טרוו. ־מל איבער, ~
געמורמלט. איבערזאָגן עפּעס שטיל, גיך,
אומקלאָר. א, די ווערטער פֿון לידל. אויף גיך
א, דאָס גאַנצע דאַוונען. ־עניש.
איבערמושטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(געד

מושטירט. 1. פֿונדאָסנײַ, ווידער אָדער אַנדערש
מושטירן. א, די ראָטע. 2. מושטירן אַ סך,
אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. „דער אַלטער
פֿעלדפֿעבל האָט שוין אַוודאי טויזנטער זעלנערס
איבערגעמושטירט„. מיט ז י ו — זיך (
איבער)דיסציפּלינירן. ־ונג.
איבערמושלען — [...מוישלען] אוטוו. מושל
איבער, ~געמושלט. (איבער)הערשן,
הערשעווען אַ לענגערע צײַט. „שוין צוואַנציק יאָר ווי
זי מושלט איבער אויף אים“, רייד.
איבערמזיקן — ..מאַזיקן] טרוו. מזיק איבער,
~געמזיקט. צעבּרעכן, צעשלאָגן אַ צאָל.
קומען אַ שיכּורער און א, אַלע כּלים אין קיך.
א, די קינדער פֿון גאַס מיטן גראָבּן פֿלאָקן.
איבערמהדשן — [...מעכאַדעשן] טרוו. מחדש
איבער, ~געמחדשט. מחדש זײַן אויף אַן
אַנדער אופֿן. איבערמאַכן, איבערלייגן,
איבערטײַטשן. א, דעם זינען פֿון אַן אַלטער אַגדה.
„ער זאָל אַלצדינג א'„, איק, 872 1950, No.

איבערמהייבֿן — [...מעכאַיעוון] טרוו. מחייבֿ
איבער, ~געמחייבֿט. אַרויפֿלייגן אַ חובֿ, חיובֿ,
פֿליכט אויף אַ צאָל אָדער איבער דער מאָס.

א, די מיטגלידער פֿון פֿאַראיין אַז זיי הייבן
אָן זוכן אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע.
איבערמטריחן — [...מאַטריִאַכן] טרוו. מטריח
איבער, ~(גע)מטריחט. צו שטאַרק באַמיִען.
,,איך האָף אַז איך וועל אייך ניט א, מיט
מיין בקשה,,, פּבֿ.
איבערמי — די. מצ נבֿ. גרויסע מי.
דערגרייכן עפּעס נאָר מיט א'.
איבערמיאוסן זיך — [...מיִעסן] אוטוו. מיאוס
זיך איבער, זיך ~געמיאוסט. זיך ניט מיאוסן
מער. ,,ביי אָט דער ברודיקער אַרבעט איז אים
דעם ערשטן טאָג געוואָרן ניט־גוט, אַזש צום
חלשן, דעם צווייטן טאָג האָט ער זיך נאָך
געמיאוסט מיט איר, דעם דריטן טאָג האָט ער זיך
איבערגעמיאוסט,,, רייד.
איבערמיאַוקען — אוטוו. ־קע איבער, ~
געמיאַוקעט. נאָכאַמאָל אָדער כּסדר מיאַוקען,
אַרויסגעבן קלאַנגען (ענלעכע צו) מיאַו־מיאַו.

איבערמינעווען

,,וואָס די קאַץ האָט איבערגעמיאַוקעט, ווען מע
האָט זי אָפּגעבריט". ־עניש.
איבערמיד — אַדי. שטאַרק מיד, מער ווי

געוויינטלעך (אין שײַכות מיט אַ לאַנג־דויער
דיקן פּראָצעס פֿון זײַן מיד). א, פֿון פּאָר
שערישער אַרבעט, פֿון געזעלשאַפֿטלעכער
טעטיקייט. „אַ מענטש איז אָבער דאָך נישט מער
ווי אַ בשׂר־ודם און ווערט מיד, א'„, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ־קייט.
איבערמידן — טרוו. מיד איבער, ~געמידט
[דעט, נר]. מאַכן עמעצן שטאַרק מיד; דער
פֿירן צו אַ צושטאַנד פֿון זײַן איבערמיד. א,
די אויגן. א, די אַרבעטער מיט לאַנגע
אַרבעטשעהן. א, די תּלמידים מיט צו פֿיל
היימאַרבעט. מיט ז י ך. ־ונג.
איבערמיויקען — דזוו איבערמיאַוקען.
איבערמיטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך איבער,
זיך ~געמיטלט. ווי ניט איז דורכקומען מיט
די מיטלען, רעזערוון (פֿון נערונג, געלט אע)
וואָס מע האָט. א, זיו אין אַ נויט, אין אַ
שלעכטער צײַט.
איבער מײַן דאַנק — אַדוו פֿראַזע. אַרכ.
קעגן מײַן ווילן, קעגן מײַן כּוונה (פּלאַן). „דוא
האשׂט מיך איבּר שטרקט צו גין איבּר מײַן
דנק אונ'...האשׂט מיך מנצח גוועזן„, סהמ,
ירמיה, כ, 7.
איבערמײַ'נסטערן — טרוו. איבערמײַ'נסטער,

~מײַ'נסטערט. אַרכ. בײַקומען, גובֿר זײַן. „ווען...פֿרילונג אַן קומט אַז דיא זון בגינט שטאַרקר צו ווערדן און איבר מײַנשטרט דיא קעלט, דאַז איז דיא לײַט זער אַן גינעם“, לט1, קנו/א.

אי'בערמײַסטערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געמײַסטערט. פּפֿ: ~מײַנסטערן, פֿטמ: ~ מײַסטרעווען. איבערבויען, איבערמלאָכהן, איבערמאַכן; בכלל ווידער, נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש טאָן יעדער מין אַרבעט וואָס האָט אַ רעאַלן רעזולטאַט. א, דעם טיש, אַ פּאָר שיך. א, די קינדערבאַן. א, די וועלט. ־ונג. ־ניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערמייקען — אוטוו. ־קע איבער, ~ געמייקעט. דזוו איבערמקיאן. (אויס)ברעכן אַ סו. ← אויסמייקע(נע)ן.

איבערמילד — אַדי. זייער מילד. מילד איבער דער מאָס. א'ע מאַנירן. מיט אַן א'ער שטים. ־קייט.

-

איבערמימעאָגראַסירן — טרוו. ־פֿיר איבער, ~מימעאָגראַפֿירט. נאָכאַמאָל, אויף אַ בעסערן אופֿן מימעאָגראַפֿירן. א, דעם בריוו, ווײַל עס

איז שווער צו לייענען. ־ונג.
איבערמינטערן — טרוו. ־ער איבער, ~גד
מינטערט. פּרגל: ~מונטערן. 1. נאָכאַמאָל,
ווידער אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן מינטערן,
אַרויסבּרענגען פֿון פֿאַרחלשטקייט (
אָפּהענטיקייט, שלאַפֿקייט). א, די גלײַכגילטיקע און די
אָפּהענטיקע. 2. מינטערן אַ צאָל. א, די פֿאַר
חלשטע מיט קאַלט וואַסער. אויך מיט ז י ך.
־ונג. ־ניש.
איבערמינעווען — טרוו. ־נעווע איבער, ~
געמינעוועט. פּפֿ: ~מינירן. נאָכאַמאָל, ווידער,

איבערמינצן

אויף אַן אַנדער אופֿן אונטערלייגן
אויפֿרײַסמינעס. א, דעם צוטריט צו די פּאָזיציעס.
~מינידונג.
איבערמינצן — טרוו. מינץ איבער, ~
געמינצט. מינצן נאָכאַמאָל, איבערקלאַפּן,
איבערשטאַמפּן מטבּעות אָדער מעטאַלענע זאַכן בכלל
אויף (מיט) אַ נײַעם מוסטער. א, די זילבערנע
מטבּעות. א, די גאָלדענע חפֿצים.
איבערמיסטיקן — טרוו. ־טיק איבער, ~
געמיסטיקט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, בעסער

באַמיסטיקן. א, דאָס פֿעלד ־ונג.

.

איבּערמ עןַ — טרוו. מי, מיִען איבּער; ~
געמיט. איבּערמידן. איבּערמטריחן. ,,חלילה, איך
וויל אײַך ניט א'". מיט ז י ך.
איבּערמיקראָסקאָפּ — דער, ־ן.
פֿאַרשטאַרקטער מיקראָסקאָפּ. אויך פֿיג. ,,דער
מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך אויסגעוויקלט,
מיד געוואָרן פֿון אַרײַנקוקן...מיט אַן א, אין
די אייגענע טיפֿעניש‟, קאָר III.
איבּערמישן — טרוו. מיש איבּער, ~געמישט.
1. איבּערבּלעטערן. אומדרייען אויף דער
אַנדערער זייט. א, אַ בּלאַט פֿון ספֿר. ‟האָסט
אַוודאי איבּערגעמישט צוויי בּלעטלעך, ס'לייגט
זיך עפּעס נישט צונויף‟, אָפּאַ, די טענצערין.
,,גענומען די זײַטלעך מיט קויטיקע הענט,
געשפּיגן אויף די פֿינגער בּשעתן א, די
זײַטלעך‟, ראַטנבּילדונג, 6 1933, No. ,,די
שווייסיקע פֿינגערלעך מישן איבּער אַ בּלעטל,,, סמבּ.
2. דז פֿיג [דאָס לעבּן איז ווי אַ בּוך]. א,
בּלעטער פֿון לעבּן = זיך דערמאָנען
געשעענישן פֿאָרקומענישן, איבּערלעבּונגען. ,,כ'האָבּ

,

גענומען א, אַלע בּלעטער פֿון מײַן לעבּן פֿאַר

די לעצטע דרײַ־פֿיר יאָר“, וויספּע, קאָוונע 1921.
*א אַ נ ײַ בלאַט = מיט אַ געפֿיל פֿון חרטה

,

אָנהייבן (אָדער באַשליסן אָנצוהייבן) לעבן אויף אַ נײַעם, אויף אַן אַנדער שטייגער. „קיין נײַ בלאַט האָבן זיי ניט איבערגעמישט“, מ. מראַטשני פּאַש, 13 1956 I.

,

3. אויסמישן, צונויפֿמישן. נאָכאַמאָל מישן. א, די צעטעלעך אין דער אורנע און דערנאָך אַרויסציִען דאָס מזלדיקע צעטעלע. א, די פּעל פֿון טשאָפּ. „איבערגראָבן די ערד און א, מיט די מיסט„, רעד, מ. וועללער, ווי מען פּלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. „...מישט מען אויס מיט אַן אָנגעריבענער ציבעלע און מע גיסט אַרײַן בוימל, איבערמישנדיק אַלץ„, ב. שאַפּראַן, ייִדישע קוך. 4. דורכמישן מיט אַ מכשיר. א, די זופּ מיט אַ גרויסן לעפֿל, כּדי פֿון אויבן זאָל ניט זײַן צו שיטער.

5 פּאַרפּלאָנטערן זאַכן. נעמען איין זאַך

אַנשטאָט אַן ענלעכער צווייטער זאַך. א, די פּילן.

6 פּאַרפּלאָנטערן געדאַנקען, רייד.

איבער.
שלאָגן, אַרײַנפּאַלן עמעצן אין די רייד. א, די רייד. א, דעם שמועס. א, דעם מיטשמועסער און אים אינגאַנצן צעמישן. „באַשטייט נישט אָפּט אָט דער דיאַלאָג פֿון צוויי מאָנאָלאָגן וואָס מישן איבער איינער דעם אַנדערן?“, שנ, קריטיק און קריטיקער. 7. בכּיוון איבערפלאָנטערן, פֿאַרדרייען. א, עמעצנס רייד און אָנמאַכן אַ פּליאָטקע, אויסשטעלן אים אויף חוזק.

966

־— וויפּל האָט ער געשנדרט? — ער האָט געשמאָדערט אַ פּינפּערל“, רייד (קעלעם, ליטע). ״יאָ, איך ווייס, דו שטרולירסט [= שטודירסט] גאַנצענע טעג„.
8. נאָכמאַכן, נאָכקרימען. לד. „איך בין אין די לעצטע יאָרן זייער שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן פֿון מײַן שנור און אייניקלעך. זיי פֿלעגן מיך איבערצוקרימען און איבערצומישן מיר אין די אויגן“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. „אַלע קינדער פֿלעגן לויפֿן פֿאָרויס און שרײַען שבת! שבת! ליכט צינדט! נאַטירלעך די קליינע קינדער האָבן דאָס איבערגעמישט“,

איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער,
פּעטערבורג, 9 .12 1900, No. איבערטאַלירן.
א, קאָרטן.
מיט ז י ך   פֿאַרשיידענע בבֿ. ,,גוטע און

שלעכטע געדאַנקען מישן זיך איבער, שטויסן
זיך אָן איינער אָן דעם צווייטן,,, ממוס, '
בישיבֿה של מטה'. ,,אַ ניי בלעטל אין מײַן לעבן
האָט זיך איבערגעמישט", ש. ראָזענבערג, שלום
אַש פֿון דער נאָענט. איבערמיש, דער. ־ונג.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערמישעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
איבערמישן. וואָס מישט זיך איבער. אַן א,
געקעכטס. א'ע געדאַנקען. ־יקייט.
איבער, ~געמ

— [...מעלאָכען זלאָכהך ז.
איבערמלאָכה   טרוו. מל כה
אָכהט. פּפֿ: ~
(מיט בײַטעם פֿון ביטול) איבעראַרבעטן,
איבערמאַכן וואָס מע האָט שוין געטאָן,
געמײַסטערט. א, דאָס בענקל, די פּיסלעך זאַלן זײַן
גלײַכע. א, דעם אויוון, ער זאָל ניט רויכערן.
אויך מיט ז י ך.
ערמלויצ — טרוו ־צע איבער, ~

גערן .
מל
ויצעט. פֿפּ: מלויטשען. ← אויסמלויטשען.
אי

איבערדרעשן תּבֿואה.
איבערמל(ע)ן — [...מאַלן] טרוו. מל(ע)
איבער, ~געמל(ע)ט. (שפּאַסיק, גראָב) נאָכאַמאָל
דורכפֿירן די פּראָצעדור פֿון מילה. ער איז
אַזאַ וצדקתך אַז מע באַדאַרף אים א'.
איבערממז(י)רן — [...מאַמזערן] טרוו. ממז(י)ר
איבער, ~געממז(י)רט. איבערכיטרעווען. פּרווו
א אַזאַ כיטרען יונג.
,
איבערמנקרן — [...מענאַ'קערן] טרוו. מנקר
איבער, ~געמנקרט. איבערטרייבערן. א, דעם
הינטערחלק.
איבערמסהרן — [...מי'סכערן] אוטוו. מסחר
איבער, ~געמסחרט. פֿירן פֿאַרשיידענע
געשעפֿטן. א, מיט תּבֿואה און מיט וואַלד.
איבערמסלקן — [...מעסאַ'לעקן] טרוו. מסלק
איבער, ~געמסלקט. (סוחריש) באַצאָלן ביים
איינקויפֿן מער ווי מע דאַרף. א, וויניקסטנס
אַ צענטל אויף יעדן אַרטיקל. א, ווי אַן

איידעמל וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּ פֿון קעסט.
איבערמסרן — [...מאַ'סערן] טרוו. מסר איבער, ~געמסרט. 1. מסרן דעם זעלביקן אָדער דאָס זעלביקע פֿאַר אַ צאָל מענטשן. א, דעם יונגאַטש פֿאַר דעם רבין און פֿאַר זײַן טאַטן. 2. מסרן אַ צאָל. א, אַלע ייִנגלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט דער ציג. ־ניש.

איבערמעלקן

איבערמעבלירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־מעבלירט. אויסמעבלירן אויף אַן אַנדער אופֿן. אַרײַנברענגען נײַ מעבל. א, די גאַנצע דירה. א אַלע צימערן פֿון האָטעל.

,
איבערמעטען — טרוו. ־טע איבער, ~ געמעטעט. איבערמאַרקירן. איבערמאַכן צייכנס, ליניעס. א, דעם פּלאַץ צו שפּילן פֿוטבאָל.
איבערמעכטיק — אַדי. זייער מעכטיק, שטאַרק. וואָס האָט די איבערמאַכט. א'ער אָנפֿאַל. א'ער שׂונא. "זיך חידושן אויף דעם מערקווירדיקן קעגנשטעל־כּוח וואָס די ייִדישע שפּראַך האָט אַרויסגעוויזן אַנטקעגן איר א'ן קאָנקורענט", מוו, שטאַפּלען. „פֿאַרשווײַגן די א'ע גערונג און גלוסטונג איינס צום

אַנדערן‟, טמז, 15 XII 1964.
אי'בערמעכטיקן — טרוו. ־טיק איבער, ~
גמעכטיקט. [איבערמע'כטיקן נר.] 1.
באַצווינגען, ביַיקומען, גובֿר זײַן. א, דאָס גרויסע
לאַנד. א, דעם שׂונא. ‟ענדלעך איז אָנגעקומען
פּאָליס [= פּאָליצי] און האָט
איבערגעמעכטיקט די רויבער‟, טמז, 2 .16 1964 II.
איבערגעוועלטיקן. איבערשטאַרקן, באַהערשן. „די
איבעראַנדערשונג [פֿון אונדזער יוגנט] האָט
אונדז איבערגעוועלטיקט און איבערגעמעכטיקט„,
יג, איק, 3 .6 1966 I. באַהערשן דעם
אינעווייניקסטן איך. איבערגעמעכטיקט ווערן פֿון
אַ רחמנות־געפֿיל. „דער כּעס האָט אים אַזוי
איבערגעמעכטיקט אַז ער האָט ניט געקענט
קלאָר טראַכטן‟, רייד. „אַ ביטערע איראָניע
האָט אים איצט איבערגעמעכטיקט‟, טמז,
30 5 19 III.
איבערמעכטן — טרוו. איבערמע'כט. אַרכ.
דזוו איבערמעכטיקן. „'יכלתּיו, — איך האב
ישׂראל איבר מעכט„, סהמ, תּהלים, יג, 5.
מעלד איב .
נאָכאַמאָלדן. פּפֿ פֿטמ: ~מעל
איבערמעלדן — טרוו.   ר, ~

גע, דעווען.
מאָל אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן
פֿאַררעגיסטרירן, (לאָזן) פֿאַרשרײַבן אין אַן אַמט. א,
אין פּאָליציי דעם קוואַרטיראַנט. אָפּט מיט ז י ך.
א, זיך פֿון 2טן בּאַצירק אין 6טן. 2. מעלדן
אַ צאָל מאָל, אין אַ צאָל ערטער. א, אין דער
פּרעסע און מיט אַ פֿלוגבּלעטל וועגן די נײַע
קורסן. ־ונג.
איבּערמעלה־ג(י)רהן — [...מאַלעגיירען]
טרוו. ־ג(י)רה איבּער, ~(גע)מעלה־ג(ׅ)רהט.
1. קײַען נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. אַרויפֿבּרענגען
אין מויל אַרײַן די אַראָפּגעשלונגענע שפּײַז
און איבּערקײַען. א, ווי אַ ציג, ווי אַ קו.
2. פֿיג. איבּערחזרן שאַבּלאָנע רייד. רעדן אַ
שעה אויפֿן זייגער און א, די זעלבּיקע
נאַרישקייטן. „קריטיקער האָבּן אַפֿילו אָפֿט
איבּערגעמעלה־גרהט די שטרויענע חכמה אַז...“, נאַד,
טינט און פֿעדער.
איבּערמעלקן — טרוו. מעלק איבּער, ~
געמאָלקן (אויך: ~געמעלקט). 1. מעלקן
נאָכאַמאָל פֿונדאָסנׅ א, בּיזן לעצטן טראָפּן.

2. מעלקן אַ סך, אַ צאָל. א, אַלע בּהמות
איינע נאָך דער אַנדערער. פֿיג. א, די

קרובֿים, נאָענטע און ווײַטע. ־עכIו. ־עניש.
־ערײַ.

יאיבער ענטש

אינערמענטש — דער, ־ן. ← אייבערמענטש.
צום בֿ1: „טאָמער ווייסן זיי פֿון די א'ן
און וערמענטשלעכע זאַכן, ספּעציעל אין
פֿאַמיליעאָנגעלעגנהייטן„, ווינטש II. „על־פּי
סמיכתהפּרשה פֿאַלט אים בֿאַלד אַ רעיון אַרײַן וועגן
ני(צ)טשע און זײַן א,“, בֿעמ II. „דאָס [
ןײַטשישע] פֿאָלק וואָס האָט גערעדט פֿון דעם
א'ן איז געוואָרן אונטערמענטשלעך“, ח.
ליבֿערמאַן, אין טאַל פֿון טויט. „פֿון א'ן האָבֿן
ייִדן קיינמאָל ניט געהאַלטן. דער א, איז אָפֿט
גאָר אַ קנאַפּער מענטש“, א. מענעס, פֿאָר,
II 1965 י 17. צום בֿ2: „ייִדיש איז...אונדזער
איין־איינציקער וועג צום געטלעכן מענטש...
צום א, אויבֿ איר ווילט“, פּרץ, 'וואָס פֿעלט
אונדזער ליטעראַטור'.
איבֿערמענטשלעך — אַדי. 1. וואָס איז
איבֿער די פֿיזישע אָדער גײַסטיקע כּוחות
פֿון דעם מענטש. א'ע אָנשטרענגונגען. א'ע

אַרבעט. ,,מיר מוזן דורכפֿירן א'ע אַרבעט...
צו פֿיל...צו שווער אויפֿאַמאָל“, הגדה של
פסח על־פּי נוסח חדש, נ,,י 1894. ,,זײַן רשעות
איז אונטערמענטשלעך; די לײַדן פֿון זײַנע
קרבנות זײַנען א', — און קונסט איז
מענטשלעך,,, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II.
,,חסידים האָבן דערציילט אַז ער איז געשטאָרבן
פֿון אַן א'ער...תּשוקה צו ביאת הגואל“, א.
קאַליש, ייִבל II XI. ,,עס פֿאָדערן זיך א'ע
אָנשטרענגונגען כּדי צו ענדערן די
קולטורטראדיציע פֿון אַ פֿאָלק“, א. מענעס פֿאָר,
—

28 4 19 II.
2. וואָס איז פֿון אַ העכערער גײַסטיקער
מדרגה ווי עס איז דער מענטש. ,,אַ שטראָם
פֿון א'ן, ריין־געטלעכן שאַפֿן האָט זיך
געמוזט אַרײַנרײַסן אין דער מענטשלעכער וועלט,
כּדי אַרויסצוברענגען זײַנע שיינקייטן און
טיפֿקייטן,,, זשיט II, נ,,י 1912. ,,עס עקסיסטירט
אַזאַ א'ע, איבערוועלטלעכע אויטאָריטעט וואָס
וויל, דער מענטש זאָל אויפֿהערן צו באַשמוצן
דעם צלם־אלקים“, צײַט, טמז, 1964 I י 19.
,,זוכן מיר אַן אויסוועג אין...איבערשׂכלדיקע,

א'ע, אייבּיקע און הייליקע פֿאָרמען און
אויסדרוקן,,, א. מענעס, פֿאָר, 30 XI 1963.
‑קייט — ,,נאָר פֿון אַזאַ געלײַטערט ליכט
און פֿון אַזאַ געזאַנג וואָס קומט פֿון א, און
טראָגט צו איבּערוועלט", י. פּאַפּיערניקאַוו,
היימיש, תּשרי תּשכ,,ג.
איבּערמענטשלען — טרוו. ‑טשל איבּער,
~געמענטשלט. 1. דזוו אויסמענטשלען (←.).
2. (שפּאַסיק) איבּערפֿאָטאָגראַפֿירן. ,,מע דאַרף
אײַו א', איר זײַט ניט גוט אַרויסגעקומען".
אָפּט מיט ז י ך.
איבּערמעסטן — טרוו. מעסט איבּער, ~
געמאָסטן. 1. מעסטן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א,
מיט אַ קוואָרט די עפּל. א, די סחורה מיט אַן
אַרשין. ,,צען מאָל א', איין מאָל אָפּשנײַדן",
שוו. ,,האָט ר, זלמן בּאַלד געזאָגט וויפֿל עס
איז דאָ, האָט מען בּאַלד איבּערגעמאָסטן און
עס איז געווען פּונקט אַזוי ווי ר, זלמן האָט
געזאָגט,,, שבֿחי הרבֿ ר, שניאור זלמן, וואַרשע
1913. *מע דאַרף אים א, דעם שׂכל = ער
איז ניט קיין גרויסער חכם. 2. דזוו

מעסטן, אויסמעסטן. א, די לענג און די ברייט
פֿון חדר. *א, די וועלט (אין דער לענג און
אין דער ברייט) = דורכרײַזן... „בײַ איינעם
האָט [ע] איבערגעמאָסטן די באָרד און אים
באַוויזן אַז זי האַלט צוויי טפֿחים מיט אַ
שטיקל“, בערג, אָפּגאַנג I. *א, פֿעלד — דזוו
אויסמעסטן פֿעלד (←). 3. מעסטן אַ צאָל,
אַ סך. א, די הייך פֿון אַלע קיגדער. „אונדזער
חסיד גייט אַרום מבית לבית, טראָגט אַ
שטריקעלע...און מעסט די ווײַבלעך. ער האָט כמעט
איבערגעמאָסטן די גאַנצע שטאָט ווײַבער [צו
וויסן, צי די מקווה איז ניט צו פֿלאַך]„, ייִפֿאָל,
.No ,1887 4
4. נאָכאַמאָל נעמען די מאָס בײַם נייען.
איבערפּאַסן. אָנפּאַסן. אָנמעסטן און א, ווי אַ
יונג שנײַדערל. „מעסט אָן דאָס צירונג און
מעסט איבער“, פּרץ, זכרונות. 5.
איבערקלערן, איבערוועגן אין געדאַנק. „מיד פֿון
טראַכטן און איבערטראַכטן, פֿון מעסטן און
א, — און פֿון צו פֿיל קלערן...מערן זיך
דאגות און ספֿקות“, א. שעכטמאַן, סאָוו,
היימלאַנד, 3 l962, No. „זי האָט גוט געהאַט
איבערגעוואויגן און איבערגעמאָסטן אין געדאַנק
איטלעכס וואָרט“, טמז, 6 .30 XI 1964. מעסטן

און געבן צו פֿיל. א, בײַם פֿאַרקויפֿן, בײַם
אָפּשנײַדן פֿון אַ באַל סחורה אע.
מיט ז י ך — אויך קזוו פֿאַרמעסטן זיך.
□
א, זיך אין לויפֿן. ־ונג. ־עניש. ־ער
(־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערמעסטעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
איבערמעסטן. א'ע סחורה. ־יקייט.
איבערמעסיק — אַדי. ber־mae□ie □ו: M □
דזוו איבערמאָסיק ←. צו גרויס. איבערגעטריבן.d
,,אויך אין אַנדרי פֿאהר נעהמי קהלות ניכט
צו גלאזן ווירט אַלשׂ מאַן דיא קינדר...אין
זולכין איבר מעסיגן אויז גאַבן גוועהנן זאָל“,
'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ“ז [ייִבל I].
,,עלטערן פֿלעגן נאָך פֿריִער אַקאָרדירן [אַ
באַשטימטן נדן] אויך ניט א', אָבער דער חתן
האָט אויף זיך קיין פּרײַז ניט געזעצט,,, קמ,
39 1870, No. ,,אַן א'ע לערנונג“, ,,זײַן א'ע
פֿרומקייט“, ,,א'ן גליק,, — אמד. ,,זיי שפּאַנען
מיט א'ע טריט און שטעלן בײַ הײַזער זיך
אָפּ“, י. ראַלניק, 'פּאָדראָסטקעס', גש. ־יקייט.
איבערמעסן — דזוו איבערמעסטן. אַרכ. ,,
הקב,,ה האָט לאָזן איבר מעסין זײַני עבֿירות,,,
צאינה, מסעי.

איבעושעקלע עקלערן. דורכפֿירן די
אַר— טרוו. ־קל איבער, ~
געמעקלט. פּפּ: ~
בעט פֿון אַ מעקלער נאָכאַמאָל, אָדער אויף
אַן אַנדער אופֿן, אָדער אַ צאָל מאָל. א, די
זעלביקע קניה. א, הײַזער און ברײַזער.
איבערמעקן — טרוו. מעק איבער, ~געמעקט.
1. דזוו מעקן, אויסמעקן, אויסשטרײַכן. א,
דאָס אָנגעשריבענע אויפֿן טאָוול. פֿיג. א, דאָס
אַלטע און אָנהייבן אַן אַנדער לעבן. 2. נאָכאַמאָל
אָדער אַ צאָל מאָל מעקן. א, די גרײַזן פֿון
כּתבֿ־יד. ־ונג.
איבערמעקען — אוטוו. ־קע איבער, ~
געמעקעט. 1. נאָכאַמאָל אָדער כּסדר מעקען,

אַרויסאיבעדנאָגלען

ברענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מע־מע. 2.
אומקלאָר, מיט שווערקייט איבערחזרן דאָס
זעלביקע. א, דעם נאַרישן ענטפֿער. ־עניש.
איבערמערן — טרוו. מער איבער, ~געמערט.
נעאָל. פֿאַרמערן אין אַ צו גרויסער מאָס. א
די באַפֿעלקערונג וואָס לײַדט פֿון אָרעמקייט.
־דנג.

איבערמפּ(י)לען — [...מאַפּלען] אוטוו. מפּ(י)ל
איבער, ~געמפּ(□)לט. מפּ(י)לען אַ צאָל מאָל.
„זי האָט שוין איבערגעמפּ(י)לט איך ווייס אַליין
ניט וויפֿל מאָל. מע זאָגט, אַ בלוט אַזאַ, ניט
דאָ געדאַכט“, רייד.

איבערמקיאן — ← איבערמייקען.

איבערמקלען — [...מאַקלען] טרוו. מקל
איבער, ~געמקלט. שלאָגן מיט אַ שטעקן אַ
צאָל מאָל, אַ צאָל מענטשן. גוט א, די ביינער,
מע זאָל האָבן צו געדענקען. א, די ייִנגלעך
וואָס רייצן זיך.

איבערמרוקען — ־קע איבער, ~געמרוקעט.
אוטוו — נאָכאַמאָל אָדער כּסדר אַרויסברענגען
אומקלאָרע (אַזוי ווי ברוגזלעכע) קלאַנגען (
ענלעכע צו) מרו־מרו. טרוו — איבערזאָגן,
איבערחזרן עפּעס אומצופֿרידענערהייט. א, דעם
ניין אפֿשר הונדערט מאָל ־עניש.

.

איבערמשלמען — [...מעשאַלעמען] טרו□.
משלם איבער, ~געמשלמט. דזוו איבערמסלקן
(←), אָבער אין אַלע פֿאַלן, ניט בלויז בײַם
אײַנקויפֿן. א, דעם בעל־אַכסניא, דעם משרת אע.

איבערמשפּטן — [...מי'שפּעטן] טרוו. משפּט
איבער, ~געמשפּט. משפּטן נאָכאַמאָל, אין

אַן אַנדער אינסטאַנץ. „דער סענאַט [העכסטער טריבונאַל אין צאַרישן רוסלאַנד]...האָט געהייסן מע זאָל [אים] א, אין אַן אַנדער דעפּאַרטמענט„, ייִפּאָל, 3 1890, No ־ונג.

. .

איבערמתּירן — [...מאַטירן] טרוו. נעאָל. מתּיר איבער, ~געמתּירט. מתּיר מאַכן, אַרויסגעבן אַ הית]תּר, אַפילו ווען עס איז שווער צו געפינען פאַר דעם אַן אָנשפּאַר. „אונדזער רבֿ איז אַ מקיל, ער מתּירט איבער, אַפילו ווען ער דאַרף זיך מאַטערן“, רייד (פּאָנעוויעזש, ליטע).

איבערן — פּרעפּ איבער + דעם. אין לד אויך פאַר זאַכווערטער פון ווייַבלעכן מין. צעוואָרפן א, דיל. אַן אויסשיטעכץ א, גאַנצן לייַב. „א, פרײַען אויסשפּרייט פון הימל“, תּי, בּראשית, א, 20. „א, פּרוכת איז סאַמע רוחניות, הוילע גײַסטער“, פּרץ, 'האשה מרת חנה'. „א, ליכטיקן ווײַס פון דײַן שטערן“, הל, אַ בלאַט אויפן עפּלבוים. „איין טייל לומדים זענען זיך מפלפּל אין שול א, דאַוונען און זענען מבלבּל דעם חזן“, אורחות צדיקים, וואַרשע 1844.

איבערנאַאיוו — אַדי. נאַאיוו איבער דער מאָס. „זײַן אַ תּם איז נאָך מער ווי זײַן א',„

רייד. ־קייט.
איבערנאַבלען — דזוו אויסנאַבלען ←.
איבערנאָגלען — טרוו. ־גל איבער, ~גענאָגלט.
איבערקלאַפּן מיט אַ נאָגל אָדער מיט נעגל. א,
דעם צודעק פֿון קאַסטן.

איבערנאָגן

איבערנאָגן — טרוו. נאָג איבער, ~גענאָגט.
1. איבערגריזשען; איבערבײַסן מיט שאַרפֿע
ציין. א, אַ האַרטן קעז ווי די מײַז. 2.
נאָכאַמאָל, ווידער נאָגן, זויגן, אַרויסציִען מיט די
ליפּן. א, דאָס רעשטל מאַרך פֿון די ביינער.
3. אומפּ. שטאַרק נאָגן. עס האָט אים
איבערגענאָגט אין האַרצן. ־עכ ן. ־עניש.
איבערנאַדז(ש)ען — טרוו. ־דז(ש)ע איבער,
~גענאַדז(ש)עט. פּפ: ~נאַד(ז)יען. 1.
איבערגעווינען מיט כיטרעקייט אָדער מיט אַ
המצאה אַריבערברענגען אויפֿן אייגענעם צד.
א, צו זיך עטלעכע חבֿרה־לײַט פֿון אַ
קעגנערישער גרופּע. א, פֿרעמדע טויבן. 2.
צונאַד( )ען צו זיך מיט גוטסקייט, מיט מתּנות. א,
דעם חבֿרס מיידל און ווערן איר חתן. ־עניש.
איבערנאָדלען — טרוו. ־דל איבער, ~

גענאָדלט. איבערשטעקן מיט נאָדלען אָדער שפּילקעס. א, דעם אונטן פֿון קלייד פֿאַרן קירצן.
איבערנאַוולען — ← איבערנבֿלען. ← איבערעוולהן.
איבערנאויוון — דער, ־ס. 1. קאַרניז, געזימס איבערן פֿאָדערשטן טייל פֿון (גרויסן) רוסישן אויוון. 2. דזוו אויפֿנאויוון ←.
איבערנאַזנאַטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~(גע)נאַזנאַטשעט. רוסיצ. איבערבאַשטימען אויף אַן אַנדער פּאָסטן, אַמט. „מע האָט מיך איבערנאַזנאַטשעט פֿאַר אַ בוכהאַלטער פֿון זאַוואָד„, בריוו.
איבערנאָט — די, ־נעט. נאָט וואָס קומט איבער אַ צווייטער. „מאַך ניט קיין א', נאָר צי אַרויס דעם פֿאָדעם און מאַך אַן אַנדער נאָט“, דייד.
איבערנאַטוראַליזירן — טרוו. ־זיר איבער, ~נאַטוראַליזירט. מאַכן פֿאַר אַ בירגער פֿון אַ נײַ לאַנד (ווען מען איז שוין געווען איין מאָל נאַטוראַליזירט אין אַן אַנדער לאַנד). א, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן די וואָס האָבן שוין געלעבט אין קאַנאַדע. מיט ז י ך. ־ונג.
איבערנאַטורע'ל — דזוו איבערנאַטירלעך. ־קייט.

איבערנאַטירלעך — אַדי. 1.
אומגעוויינלעך, אויסנעמיק, איבערנאָרמאַל. א'ע כּוחות.
א, ראַפֿינירט. א'ע פֿעאיקייטן, אָנשטרענגונגען.
א'ע צוציאונג־קראַפֿט פֿון דעם פֿירער. „ווער
ווייס, אפֿשר וועט זיך בײַ ז אַמאָל דערוועקן
יי
אַן א'ער כּוח, און זיי וועלן דעם שׂונא גובֿר
זײַן“, גח„ל [לעוונער], די צוואָה, אַדעס 1884.
2. וואָס איז נ י ט לויט די געזעצן פֿון דער
נאַטור, ניט בדרך הטבֿע. „איך האַלט נאָר
פֿון נאַטירלעכע דערשײַנונגען, ניטאָ קיין א'ע“,
רייד. 3. אומממשותדיק, אומקערפּערדיק,
אַבסטראַקט. אַן א'ער גײַסטיקער ענין. די וועלט
פֿון א'ע גײַסטער. —קייט — „אַן עלעמענט
פֿון אַזאַ א, וואָס באַנוצט זיך מיט דעם
נאַטירלעכן ווי מיט זײַן ווערקצײַג“, צײַט, טמז,
.I 19 3 19
איבערנאָטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)־
נאָטירט. איבערשרײַבן פֿאַרצייכענונגען,
נאָטיצן (כּדי זיי באַאַרבעטן גרינטלעכער). א,

לויטן סטענאָגראַפֿישן באַריכט. א, די פּרײַזן

אויף די עטיקעטקעס. ־ונג.
איבערנאָיען — אוטוו. ־יע איבער, ~
גענאָיעט. 1. אַ לענגערע צײַט נאָיען, קלאָגן
זיך, מאַטערן מיט די זעלביקע טענות, מיט
האַלב־געוויין. א, און אַרויסברענגען פֿון
געדולד. 2. אויפֿהערן נאָיען, ווײ טאָן. דער
צאָן (צאָנווייטיק) נאָיעט ביסלעכווײַז איבער.
איבערנאָכגיביק, ־געביק — אַדי.
נאָכגיביק איבער דער מאָס. א'ע עלטערן וואָס
צעבאַלעוועז זייערע קינדער ־יקייט.
.
איבערנאַ'כט — אַדוו. אויך: ~אַנאַ'כט.
1. אין דער צײַט פֿון איין נאַכט, במשך אַ
נאַכט. בלײַבן א, אין קרעטשמע. „ועל כל פּנים
זולן זיא ניט אײַלין אונ, זולן זיך וואָיל
ביד[ע]נקן לפּחות איבר נכט, עד אור הבקר„,
תּקק. „ר, אלעזר אונ, ר, אַבא זײַנן אַמאָל
גיוועזין איבר נכט אין איין האַרבריג אין
לוד. זיא שטיאן אויף בײַא נכט לערנין“, נצ1,
ו/ב. „...ביז איין תּחום־שבת פֿון דער שטאַט
וואו ער א, בלײַבן וויל“, לט1, כו/ב. „דוא
זאָלשׂט...אימר לאזין איבר נאַכט איין משפּט
אַן שטיאהן פֿילײַכט ווערין זיך דיא
בעלי,

דינים קענין משווה זײַן“, עיון, מ/ב. „זײַן
גאַנצע גבֿורה האָט א, געפּלאַצט“, ווײַס, 'דער
איבּערגאַנג'. „מאַכט אַ בּרכה אויף עפּעס וואָס
איז א, אויפֿגעגאַנגען“, משה יונגמאַן, ווײַסע
טויערן.

2. אין אַ גאָר קורצער צײַט. „ווילדע גראָזן
וואַקסן א',„ שוו. „דרײַ זאַכן וואַקסן א,: רווחים,
דירה־געלט און מיידן“, שוו. א, וועט די
סענסאַציע זיך אויסוועפּן. „די בּאָקעס האָבּן זיו
אויסגעפֿילט און די גאָר קליינע בּריסטן האָבּן
זיך ו ו י א, אויסגערונדיקט“, אָפּאַ, ,אין
דער נאַכט פֿון ניטל'. „א, ווערן הײַזער און
גאַסן איבּערגערוקט„, בּ. לאַפּין פֿולער קרוג.

,

„עס איז דער חלום רײַך צו ווערן א'“, לע,
טאָג, 5 1955 XI. אויך סובּ. דער, ־ן. בּלײַבּן
אויף איין א,. דעם גאַנצן א, זיצן אויף אַ
שטול אין פֿאָדערצימער. „גאולה איז נישט
קיין נסיעה פֿון א'“, ש. בּיקל, שרײַבּער פֿון
מײַן דור I.

איבּערנאַכטיק — אדי. וואָס געשעט גיך,
(אַזוי ווי) איבּערנאַכט. „דער בּאַגינען פֿון אַן
אומהיימלעך גיכער, ממש א'ער פֿאַראָרעמונג
פֿון דער פֿויערימשאַפֿט און סוחרימשאַפֿט אין

רומעניע“, ש. ביקל, רומעניע.

איבערנאַכטיקן — אוטוו. ־טיק איבער, ~ גענאַכטיקט. פּר. דזוו איבערנעכטיקן. [פּאָעטיש פֿאַר יענע דיאַלעקטן וואו די פֿאָרעם איז מיט ע פֿאַרן כ] א, און זיך לאָזן ווײַטער אין וועג אַרײַן.

איבערנאַכטן — טרוו. נאַכט איבער, ~ גענאַכט. נעאָל. לאָזן אויף נאָך דער קומענדיקער נאַכט, אויף מאָרגן. „לאָמיר עס א, און איבערטראַכטן“, רייד.

איבערנאַכלעסיק — אַדי. אָפּגעלאָזן, אומפּינקטלעך, אומאַחריותדיק איבער דער מאָס. א'ער אופֿן אַרבעטן, שרײַבן אע ־יקייט.

.

איבערנאָכמאַכעריש — אַדי. נאָכמאַכעריש איבער דער מאָס. „נאָכמאַכערײַ איז אַ

פֿאַראיבערנאַרהאַפּטיק

שפּרייטע חולאת, אָבער אַזוי א, ווי ער איז....„

רייד. קייט.

אי'בערנאַלאָ'ג — דער, ־ן. < נאַלאָ'ג, רוסיצ + איבער. שטײַער איבער אַ שטײַער, צו גרויסער שטײַער. „מיר מוזן צאָלן, ווי אַלע,

הכנסה־שטײַער. אָבער אויף אונדז, קרעמער, האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויך אַן אומזאַץשטײַער. דאָס איז שוין גאָר אַן א',,, רייד. (ליטע. 20ער יאָרן 20. י"ה).

איבערנאָמינירן — טרוו. ־ניר איבער, ~ נאָמינירט. נאָמינירן פֿאָרלייגן קאַנדידאַטן אויף

אַ צאָל אַמטן נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ. אַז די פֿיר

געלייגטע זאָגן זיך אָפּ, לאָמיר א'. אויך מיט זיך. ־ונג.

איבערנאָמען — דער, ־נעמען. צווייטער, צוגעלייגטער נאָמען. אַלטער, אַלטע — אָפּט צוגעלייגטע נעמען ווי אַ סגולה אַלט צו ווערן. ,,ער האָט געהייסן משה־דוד, איז ער געווען מסוכּן קראַנק. האָט מען אים געגעבן אַן א, חיים־אַלטער, אָבער די ווײַב האָט אים גערופֿן 'מײַן שלימזל',,, רייד.

איבערנאַס — אַדי. נאַס איבער דער מאָס. ,,מע קען ניט פּלעטן, ווען דער לײַלעך איז אינגאַנצן טרוקן, אָבער אויך ניט ווען ער איז א',,, רייד.

איבערנאָענט — אַדי. נאָענט איבער דער מאָס. ,,דו זאָגסט, זיי זײַנען נאָענט געוואָרן.

אָך, זיי זײַנען שוין א', און וועגן שטעלן אַ
חופּה טראַכטן זיי ניט", רייד.
אי'בּערנאַציאָנאַ'ל — אַדי. וואָס איז איבּער
די גרענעצן (אינטערעסן, שטאַנדפּונקטן) פֿון
איין נאַציע. אינטערנאַציאָנאַל. „דער
פֿעלקערבּונד, דער ערשטער און דער הײַנטיקער, האָט
געזאָלט שאַפֿן די סופּערנאַציאָנאַלע אָדער א'ע
מאַכט", וול, גראָסמאָן פֿאַש, 1965 III 15.

,

„[דער אָנהענגער פֿון איחו] איז א, און
אינטערנאַציאָנאַל", היימיש, אַפּריל־מײַ 1961. „דער
ווילן זיך אונטערצוואַרפֿן אַן א'ער מאַכט
עקסיסטירט נישט„, ר. וועלטש, איק, 28 1962 XII.
־קייט.
איבּערנאַציע — די, ־ס. 1. נאַציע,
פֿעלקערשאַפֿט, וואָס נעמט אַרײַן אין זיך אַ צאָל
נאַציעס. „די סלאַוויאַנאָפֿילן האָבּן געוואָלט
שאַפֿן אַן א, פֿון אַלע סלאַוון". 2.
נאַציאָנאַליטעט, פֿאָלק פֿון אַ הויכער מדרגה. „ווער קען
לייקענען, אַז כאָטש אונדז פֿעלט איצט אַן
אייגענע מדינה, עס פֿעלט אַ בּשותּפֿותדיק לשון,
זײַנען מיר ייִדן ניט בּלויז אַ נאַציע, נאָר
אַפֿילו אַן א'„ רייד. 3. נאַציע מיט מער מאַכט,
דעה. די רוסישע א, אין סאָוועטן־פֿאַרבּאַנד.

איבערנאַקעט — אַדי. נאַקעט,
אומפֿאַרשטעלט איבער דער מאָס. גראָבע, א'ע רייד
וועגן סעקס. ־קייט.

-

איבערנאַרהאַסטיק — אַדי. וואָס עס איז
שווער צו פֿאַרדײַען, מיט צו פֿיל קאַלאָריעס.
,,די וואָס עסן די פּיקאַנטע, שווערע, א'ע שפּײַזן,
צוזאַמען מיטן רײַכלעכן געניוס פֿון
ספּירטמשקאות", דר, ה. פֿראַנק, פֿאַש, 7 l949 I.

איבערנאַרײַען

איבערנאַרײַען — טרוו. ־רײַע איבער, ~
גענאַרײַעט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער אויף אַן
אַנדער אופֿן נאַרײַען, רעקאָמענדירן, פֿאַרמיטלען,
מעקלערן. א, די זעלביקע דירה מיט גאָר
אַנדערע רייד. 2. נאַרײַען אַ צאָל. א, דינסטן
צו (פֿאַר) אַלע רײַכע בעל־הביתטעס.
איבערנאַריש — אַדי. ביז גאָר, זייער
נאַריש. א'ע רייד, מעשׂים אאַזוו. ־קייט —
אויך פּרט־פֿאַל פֿון זײַן איבערנאַריש. אויך
ווערב: א'ן זיך — זיך באַנאַרישן. זיך גופֿא

איבערכיטרעווען.

אי'בערנאָרמאַ'ל — אַדי. מער, העכער ווי נאָרמאַל; אומגעוויינלעך, אויסנעמיק. א'ע כּשרונות. „מיר זײַנען אין ישׂראל געוואָרן אַ נאָרמאַל פֿאָלק כּדי צו קענען גיין ווײַטער און העכער, כּדי צו קענען ווערן אַזוי א, ווי דאָס פֿאָדערט פֿון אונדז אונדזער אייגנאַרט“, צײַט, טמז, 1957 II □ו 12. „אונדזער געשיכטע און די סאָציאַלע באַדינגונגען...האָבן פּראָדוצירט אַן אָריגינעל פֿאָלק וואָס איז א'„, ש. גוטמאַן, איק, פּסח תּשי״ח. □־קייט.

איבעדנאָרמאַליזירן — טרוו. ־זיר איבער, ~נאָרמאַליזירט. מאַכן נאָרמאַל אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די יידישע באַשעפֿטיקונגען. ־ונג.

איבערנאָרמירן — טרוו. ־מיר איבער, ~(גע)־נאָרמירט. אײַנשטעלן נאָרמע(ס) נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן. א, וויפֿל יעדער אַרבעטער דאַרף אויסאַרבעטן. א, די שפּײַז־ראַציעס. א, (די הייך פֿון) דירה־געלט אין שטאָט. ־ונג.

איבערנאַרן — טרוו. נאַר איבער, ~גענאַרט.

1. איבערשטײַגן עמעצן בײַם אויסנאַרן □).

א, אַן אויסנאַרער. 2. אַריבֿערקריגן אויפֿן אייגענעם צד מיט כיטרעקייט, אײַנפֿאַל, המצאה. א, צום פֿאַראיין עטלעכע שרײַערס (געלטגעבֿערס). מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.

איבֿערנאַש — דער, ־ן. קליינער (און געשמאַקער) צובֿײַס. „אָט איז דערווײַל אַן א', מיר וועלן עסן ערשט אין אַ האַלבֿער שעה אַרום„, רייד.

איבֿערנאַשן — טרוו. נאַש איבֿער, ~גענאַשט. נאַשן אַ סך, פֿאַרשיידנס. א, פֿון אַלע טעפּלעך. א, שאָקאָלאַדקעס און אײַנגעמאַכטס. מיט ז י ך — צו פֿיל נאַשן (און מער ניט וועלן, זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן). א, זיך מיט כּלערליי זיסיקייטן און מער ניט קענען קוקן אויף זיי. ־ונג. □עכ□ן. ־עניש.

איבֿערנאַשערײַ — דאָס (די), ־ען. נאַשערײַ וואָס איז גוט און זעלטן. „נעמט אין מויל אַרײַן, איר'ט זען ס'אי, אַן א',„ רייד.

איבֿערן באַנק — אַדוו פֿראַזע. לר. וואַרפֿן א, בֿ, = אויסבֿראַקירן, וועלן פּטור ווערן. וואַרפֿן א, בֿ, די צוגעפֿוילטע עפּל. וואַרפֿן א, בֿ, חתנים, כּלות. „די דרײַ, וואָס האָבֿן זיך ניט לאַנג קוים אײַנגעבֿעטן מע זאָל זיי צונעמען, האָבֿן יעצט אונדזער רעגימענט, ווי

מע זאָגט, געוואָרפֿן א, בּ'", אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. *לייגן א, בּ, = שמײַסן.

איבּערנבֿלען — [...נאַוולען] אוטוו & טרוו. נבֿל איבּער, ~גענבֿלט. פּר. ווידער אַדער אַ סך זידלען, שעלטן אויף אַ מיאוסן אופֿן. א, (אויף) די שכנות. א, אַזוינס אַז ס'איז מיאוס אויסן מויל צו בּרענגען. ← אויסנאַבּלען, אויסנבֿלען.

איבּערן גאַרטל — אַדוו ᴳראַזע. וואָס איז הויך ווי דער אונטערשטער טייל פֿון אַ מענטשלעכן קערפּער. שמוץ בּיז א, ג'. *דו גרייכסט מיר בּיז א, ג, = בּיסט ניט דערוואַקסן. „איז נאָך עד־היום בּײַ אײַך אין שטובּ אַ מיסט א, ג'?", ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר תּרל"ו. „אין שטובּ איז געווען אַ בּלאָטע א, ג',,, ש. בּעקערמאַן, די שלימזלניצע, אַדעס 1887.

איבּערנגע(נע)ן — [...נעגען] טרוו. נגע איבּער, ~גענגעט. לר. אַ סך, אַ לענגערע צײַט נגען, צושטיין, ניט לאָזן צו רו. א, אַלע קינדער. ־עניש.

איבּערן האַלדז — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן

ערשטיקן בּ. *דער ח ל ף ליגט (הענגט) שוין
א, ה, = די סכּנה איז גרויס און גאָר נאָענט.
2. פֿיג. אין דער גאַנצער הייך פֿון מענטשן,
בּיז צום קאָפּ. בּלאָטע (בּיז) א, ה'. ״גראָד
פֿאַר פסח, דאַמאָלס האָט מען אין אונדזער
שטעטל בּלאָטע געװוג, א, ה׳״, פּ. א. ר., ליבּע
בּלײַבּט ליבּע, װאַרשע 1879. ״אין שטוב איז
דער מיסט א, ה׳״, ש. בּעקערמאַן, דעך
זשענסקעך װאָפּראָס, אַדעס 1887. *כ'האָב עס שוין
בּיז א, ה, = איך קען עס מער ניט
אויסהאַלטן. 3. זייער אַ סך (אַזוי אַז מע קען
אין דעם ממש דערטרונקען װערן). זײַן
פֿאַרװאָרפֿן מיט אַרבּעט, האָבּן אַרבּעט א, ה'.
(פֿאַרטרונקען) אין חובֿות א, ה'. נעבּעך אַן
אָרעמאַן א, ה'.

▯

איבּערנואסן — [...נויעפֿן] אוטװ & טרוו.
נוֹאף איבּער, ~געװֹאפֿט. אַ סך מאָל אָדער
מיט אַ צאָל האָבּן (אוממאָראַלישן,
אומגעזעצלעכן) סעקסועלן פֿאַרקער. א, (מיט) נקבֿות.
אויך מיט ז י ך.
איבּערנוד(י)ען, ~נודז(י)ען, ~נודזשען

— ־ד(י)ע, ־דז(י)ע, ־דזשע איבֿער; ~גענוד(י)עט, ~גענודז(י)עט, ~גענודזשעט. אוטוו — שטאַרק לאַנגווײַליקן זיך, נודיען זיך. א, אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן. אויך אומפּ. עס נודיעט מיר איבֿער פֿון אַזעלכע שפּײַז. אָפֿט מיט ז י ך. טרוו — פֿאַרנודיען, מאַכן אַז אַן אַנדערער זאָל זיך לאַנגווײַליקן. א, אַלעמען מיט פֿאַרשימלטע וויצן. ־עכץ. ־עניש.

איבֿערנודנע — אַדי. זייער נודנע, איבֿער דער מאָס. אַן א, רעדע, פֿאָרשטעלונג.

איבֿערן וואַסער — אַדוו פֿראַזע. איבֿער דעם טײַך, דער אָזערע אע. אויף דער צווייטער זײַט פֿון אַ וואַסער. אַריבֿערשווימען (מיט אַ שיפֿל) א, וו'. וואוינען דאָ גלײַך, א, וו□. *ווי קומט די ק אַ ץ א, וו'? = ווי קען מען עס דורכפֿירן אין לעבֿן? [אויך שפּאַסיק פֿרש מיטן ענטפֿער: אַ נאַסע.]

איבֿערנוטעווען — טרוו. ־טעווע איבֿער, ~גענוטעוועט. (סטאָליער□) איבֿערקלאַפּן,

איבֿעדניי

איבערהעפֿטן ברעטער מיט שרויפֿן אָדער
סשוועקעס. א, די ברעטער פֿון אַלמער.
אי'בערנויט — די, ־ן. גאָר גרויסע,
שטאַרקע נויט. "שוין געוועזן ניט איין מאָל אין
נויט און איצט בין איך אין א',,, רייד.
איבערנוי'ט — אַדוו. קעגן אייגענעם ווילן,
געצוואונגענערהייט, אומווילּיק, בעל־כרחו. מילא,
וואָס מע מוז אַלץ טאָן א'. א, זיך דרייען
אין דרײַען. ,,ס'איז א, און עס ברענט די
הויט,,, פֿוול.
איבערנומערירן — טרוו. ־ריר איבער, ~(גע)־
נומערירט. איבערשרײַבן (אויף עפּעס) נומערן;
שטעלן אַנדערע נומער]ו., נומערירן פֿונדאָסנײַ.
א, די זײַטן פֿון דעם כתבֿ־יד. א, די פּלעצער
אין זאַל. ,,נומערירט איבער מיט אַ בלײַער
די אייער, פֿאַרשרײַבט צו זיך אין העפֿט,,, יאַ . .
־דנ .
איבערנוסהן — [...נו'סעכן] טרוו. נוסח
איבער, ~גענוסחט. מאַכן אַן אַנדער נוסח,
איבערפֿאָרמולירן. א, דעם אויפֿרוף, די החלטות.
איבערנוצן — ← איבערניצן. געניצט
דערעיקר בײַ ווייניקער קאָנקרעטע ענינים. א, אַן

אויסורוק, אַן אָנגענומענע מיינונג.
איבּערנוקען — אוטוו. ־קע איבּער, ~
גענוקעט. אַ צאָל מאָל אַרויסבּרענגען נו־נו.
א, און אונטעריאָגן. אויך מיט ז י ך.
איבּערנ□תנען — ← איבּערנתנען.
איבּערניאַווקען — אוטוו. ־קע איבּער, ~
געניאַווקעט. פּפ: ~ניאַוקען. 1. דזוו
איבּערמ אַוקען. 2. דזוו איבּערהאַווקען.
׳
איבּערניאַנטשען — טרוו. ־טשע איבּער,
~געניאַנטשעט. ניאַנטשען אַ צאָל, אַ לענגערע
צײַט. א אַלע קינדער פֿון דער משפּחה.
׳
איבּערניגונען — [...ניגענען] טרןו. ניגון
איבּער, ~געניגונט. 1. איבּערזינגען. 2.
איבּערמאַכן אַ ניגון. א, פֿון גויאיש אויף חסידיש.
איבּערניואַנסירן — טרוו. ־סיר איבּער, ~
ניואַנסירט. אַנדערש ניואַנסירן. איבּערמאַכן אַ
ניואַנס. לאָזן דעם גרונטמאָטיוו און א, די
בּאַגלייטונג. א, די דעקאָראַציעס. ־ונג.
איבּערניוכען — טרוו. ־כע איבּער, ~
גענױוכעט. איבּערשמעקן (וועגן חיו□) פּעיאָ. א,
(אין) אַלע ווינקעלעך. א, ווי אַ הונט. ־עניש.
איבּערניזוקן — [...ניזעקן] טרוו. ניזוק

איבּער, ~געניזוקט. 1. שטאַרק צעשעדיקן, צעמזיקן אַ צאָל. א, כּלים. א, יידישע ייִנגלעך.
2. מאָראַליש קאַליע מאַכן. אַן אַפּיקורס וואָס ניזוקט איבּער די ישיבֿה־לײַט.

איבּערניטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער, ~געניטעוועט. 1. דזוו איבּערנוטעווען (←.).
2. בּכלל אַרײַנדרייען אָדער אַרײַנקלאַפּן אַנדערע ניטן, טשוועקעס אָן שפּיצן, אָדער שרויפֿן.
3. לאָזן בּרויט (חלה) אין אויוון לענגער ווי נייטיק עס זאָל ווערן שטאַרק פֿאַרבּרוינט.
א, די חלה אין הר־האַ פֿון קורץ־פֿרײַטיק.

איבּערניי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערנייען. דער גרויסער א, נאָו סו נות.

איבּערנײַ

איבּערנײַ — אַדי. צו בּולט נײַ, איבּער דער מאָס. אַן א'ע פֿריזור ־קייט — אויך פּרט.

פֿאַל פֿון זײַן איבערנײַ. עס געפֿעלט אים ניט די א,.

איבערנייגן — טרוו. נייג איבער, ~גענייגט. 1. איבערבייגן, איבערדרייען אין אַ זײַט. א, דעם קרוג מיט וואַסער. א, די שאַפֿע בײַם אַרויסטראָגן דורך דער טיר. 2. אַריבערציִען אויף אַן אַנדער צד; באַווירקן מע זאָל קריגן אַן אַנדער מיינונג. א, די פֿאַרוואַלטונג (דעם קעגנער) צו שטימען אַנדערש ווי פֿריִער. מיט ז י ך — א, זיך פֿאַרן פריץ. —ונג.

איבערנײַגעריק — אַדי. צו אָפֿט, צו שטאַרק נײַגעריק, איבער דער מאָס. אַן א, קינד וואָס האָט אַ טבֿע כּסדר זיך אונטערצוהערן וואָס די גרויסע רעדן. ־יקייט.

איבערנייטיק — אַדי. זייער שטאַרק נייטיק. פֿלייש, פֿעטס איז נייטיק, אָבער קליידער זענען אונדז א',,, בריוו. ־יקייט.

איבערנייטיקן זיך — אוטוו. ־טיק זיך איבער, זיך ~גענייטיקט. 1. זיך נייטיקן אין אַ צאָל זאַכן אָדער אין עפּעס אַ לענגערע צײַט. זיך א, אין אַ גוט וואָרט. זיך א, אין כּלערליי פּראָוויאַנטן. 2. שפּאַסיק. זיך מער ניט נייטיקן. ,,דו נייטיקסט זיך? ווּעסט זיו א',,.

איבּעתייטן — טרוו. נייט איבּער, ~געניית.
צווינגען עפּעס צו טאָן אַ לענגערע צײַט, אַ צאָל טואונגען אָדער אַ צאָל מענטשן. א, די פֿאַרשיקטע שווער צו אַרבּעטן. מיט ז י ך.

אי'בּערנייטראַ'ל — אַדי. בּיז גאָר נייטראַל, איבּער דער מאָס. אַן א'ער וואָס זאָגט אַפֿילו זײַן מיינונג ניט אַרויס. אַן א, לאַנד. ־קייט.

איבּעתײַמאָדיש — אַדי. ווילד, שרײַאיק נײַמאָדיש. אַן א, היטעלע.

איבּערניינען — טרוו. ניין איבּער, ~ גענײַנט. נעאָל. איבּערשטימען אויף ניט אָננעמען. שוין האָבּן אָנגענומען אַ בּאַשלוס און צום סוף אים א'. ־וננ.

איבּערנײַ'ס — אַדוו. דזוו איבּעראַנײַ'ס (←.). א, אָנהייבּן די שפּיל. „(כּארז בּלבָנון ישׂגה) גלײַך אַז איין טענן בּוים אים וולד דער ווקסט איבּר נייז און, גריסט„, סהמ, תּהלים, צבּ, 13. „און אויבּ אויפֿן מאָנאַט האָט אַ טאָג איבּערגעצויגן, פֿילט ער אויס דעם וועקסל, מאָנט א, געלט„, צונ, המנגן, לעמבּערג, יאָר? „וועט לעבּן א'„, מ. ז. טקאַטש, זון איבּער אַלץ.

איבּעתייען — טרוו. ניי איבּער, ~געניית.
1. נייען אַנדערש און דערבּײַ פֿאַרריכטן ▯ א,

די שנאַלקע, דאָס קנעפּל אַ ביסל העכער.
„וואָס פֿעלט דען דעם סורדוק? גאָר אַ ביסל
א',,, אַר, 'דער פֿרומער שנײַדער'. 2.
איבערמאַכן, איבעראַרבעטן אַן אַלטן מלבוש, אַלטע
שיו אע. „בײַם א, דאַרף ער שוין גאָרניט
שנײַדן, נאָר טרענען", דאָרטן. "געוואוסט דעם
סוד ווי אַזוי פֿון יעדער שמאַטע אויפֿצונייען
אָדער א, אַ קליידל,,, פֿאָר, 22 XI 1964.
3. נייען נאָכאַמאָל, עס זאָל זיך בעסער האַלטן.
„די יונגען אין די וואַרשטאַטן זײַנען עפּעס

שטילער געוואָרן און אָנגעהויבן צו חלומען
איבערן שטיוול וואָס מע האַלט אויף די קני
אינמיטן א',,, ווײַס, אַ שטעטל. מיט ז י ך
פֿאַר זיך פֿאַר דעם אייגענעם באַנוץ. „די
— - ,
ווײַבער נייען זיך איבער די קליידער", א.
נוסבאַום, פּעסעלע די גאַבעטע, וואַרשע 1885.
„עס גייט צו סוכּות, לאָזט זי זיך...א, דאָס
ברוסטטיכל", פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. —אונג.
־עכץ. —עניש. ־ער (ניט קיין שנײַדער,
נאָר אַן א, פֿון אַלטע מלבושים). ־ערײַ.
איבערנײַען — טרוו. נײַ איבער, ~גענײַט.
אָרכ. מאַכן נײַ נאָכאַמאָל, באַנײַען. „אלי יאַר

אַן פסח ווערט דער בן־אדם זײַן נשמה איבּר
נײַאט...,,, אַריה ליבּ בּך, יהודה זעליגמאַן,
תּקוני המועדים פֿיורדא 1725. ,,רבּש,,ע,...איך

,
שרײַא אַלי טאָג צו דיר אויף איין הילף מיר
צו איבּר נײַאן מײַנע טעג צו יונגי טעג,,,
תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון
דיהתפֿורט 1790], כט/ב.

איבּערן יכולת — [... יעכוילע] אַדוו פֿראַזע.
מער ווי מען איז אין שטאַנד. ,,נאָר מחמת דער
אורח איז אים זייער געפֿעלן, וואָלט ער גערן
אים מהנה זײַן א, י,,,, ססי I.

איבּערניכטער — אַדי. איבּער דער מאָס
ניכטער. פֿיג. צו רעאַליסטיש. א, און פֿאָרט
זיך בּאַנאַרישט. ,,ליכט איז אַ טײַער וואָרט
...עס קאָן בּאַפֿרידיקן סײַ די איבּערשיכּורע
מיסטיקער און סײַ די א'ע וויסנשאַפֿטלער,,,
בּ. ריווקין, אַ גלויבּן פֿאַר אומגלייבּיקע.
־קייט.

איבּעתיסן — אוטוו. ניס איבּער, ~געגאָסן
(זן אויך: ~געניסט). אָ סך מאָל, אַ לענגערע
צײַט ניסן. א, און איבּערהוסטן די גאַנצע
נאַכט.

איבּערניצלעך — אַדי. בּיז גאָר, זייער

ניצלעך. א'ע מאַטעריאַלן. א'ער אָגוויַז. ‎קייט.
איבערניצן — טרוו. ניץ איבער, ~געניצט.
אויך: ~נוצן. 1. פאַרניצן עפּעס מער ווי
נייטיק, ווי ס'איז מעגלעך. איַינרײַסן וועלטן
און גיך א, די כוחות. 2. צו אָפּט ניצן. א,
די זעלביקע ווערטלעך און וויצן. 3. ווײַטער
ניצן. א, אַ קאַנאָפּע וואָס מע האָט
אַרויסגעשטעלט אין דרויסן. 4. אויסניצן מוטווילִיק
אַ נאמנות, אַ מאַנדאַט. א, די פֿולמאַכטן און
פֿאַרלירן דעם פּאָסטן. 5. דזוו איבערניצעווען.
← דווו. א, און מחיה מתיס זײַן אַ בגד.
מיט ז י ך. ‎עכץ. ־עניש.
איבערניצעווען — טרוו ־צעווע איבער,
~געניצעוועט. 1. איבערנייען, איבערמאַכן אַן
אַלטן בגד און דערבײַ איבערקערן דעם שטאָף
פֿון דער לינקער אויף דער רעכטער זײַט.
„פֿלעגט אויסלאַטען אירע מלבושים, א, די
קינדערשע זאַכן„, ממוס, ווינטשפּ. „אָדער א,
וואָס פֿאַר אַ מלבוש איר ווילט אויף דער
לינקער זײַט„, שע, 'פֿאַרכישופֿטער שנײַדע‎.
„געגעבן א, איר שליאַמעסענעם פֿוטער און
דאָס מענטעלע לויט גאָר דער סאַמע לעצטער
מאָדע„, הר, ,אַ משפּחה־פּאָרטרעט'. 2.

איבערבײַטן עמעצנס אויסזען אָדער כאַראַקטער. א,
דאָס צעקנייטשטע פּנים. „בלײַבן זיצן ביז □ אָט

איבער □ מאס

וואָלט שוין דאַרפֿן די וועלט א',,, אמד, דער
רענדיל, ווילנע 1868. „מע קען קיין שרײַבער
נישט איבערמאַכן, א, אָדער מאַכן אים פֿאַר
אַ ליטעראַריש שיקייִנגל“, מוק, מײַנע
באַגעגענישן. 3. איבעראַרבעטן, איבערמאַכן. א,
אַ פּיעסע. 4. דזוו איבערניצן, ב2. א אַ וויץ,
,
אַ טעמע. 5. איבערדרייען דעם באַטײַט. א,
אַ פּסוק, ער זאָל זיך פּאַסן פֿאַר דער דרשה.
„אַ בפֿירושע גמרא איז הפֿקר; אויף איר מעגן
זיך אַלע שטעלן, איבערדרייען, א', אויסטײַטשן
מיטן קאָפּ אַראָפּ,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
מיט ז י ו.
איבערניקודן — [...ניקעדן] טרוו. ניקוד
איבער, ~געניקודט. איבערשטעלן נקודות (
אינטערפּונקציע). א, דעם העבראישן שיר פֿאַר
די תּלמידים.
איבערניקלען, ~ניקעלירן — טרוו. ־קל,
־ליר איבער; ~געניקלט, ~(גע)ניקעלירט.

(נאָכאַמאָל, אַנדערש) באַדעקן, באַפּוצן עפּעס מיט אַ שיכט פֿון ניקל ־ונג.

.

איבּערנישטערן — אוטוו & טרוו. ־ער איבּער, ~געגישטערט. 1. זוכן, אַרומזוכן אין אַ צאָל ערטער. א, (אין) אַלע ווינקעלעך. א, אַ גאַנצע בּיבּליאָטעק בּײַם זוכן אַ בּוך. א, ווי אַ הונט, אַ חזיר, אַ גנבֿ. 2. גרינטלעך, אַ לענגערע צײַט (אַרומ)זוכן עפּעס אין איין אָרט. "זיי זאָלן א, דעם גאַנצן קעלער און אויסגעפֿינען פֿונוואַנען דער ריח קומט", ה. אַקערמאַן, טמז, 6 III l965. אויך פֿיג. א, אין דער אייגענער נשמה. ־ונ.

איבּערנישטשען — טרוו. ־שטשע איבּער, ~געגישטשעט. סל. קאַליע מאַכן, טאָן אַזוי עס זאָל גיין לאיבּוד אַ צאָל, אַ סך. א, האַלבּע בּולבּעס בּײַם שיילן. ווען פֿאַרריכטן און גאָר א'. אויך מיט ז י ך.

איבּערן כוה — [...קויאַך] אַדוו פֿראַזע. 1. איבּער די כּוחות, מער ווי מע קען דורכפֿירן. היט זיך, טו ניט א, כּ'. „אָט דערפֿאַר איז געשלאָגן די וועלט און יעדערן עס פֿעלט, וו.ל מע נעמט אַלץ א, כּ',„ ה. קליבּאַנאָוו, רני עקרה, ווילנע 1908. 2. געצוואונגענערהייט,

קעגן אייגענעם ווילן. פּראָטעסטירן און סאָן עפּעס א, כ'. „מע האָט געמוזט א, כּ, טאָן, אָנהייבן איבּעראַנײַס דעם קאָן„, ש. מ. אָסטראָוומסקי, דעך מאַסקעראַדן בּאַל, וואַרשע 1884.

איבּערנכנען — [...ניכנען] טרוו. נכנע איבּער, ~געגנכנעט. מאַכן אונטערטעניק, דערנידעריקן אַ צאָל. א אַלע מענטשן וואָס אונטער אים.

,

איבּערן לטוטפוֹת — [...לייטוּיטאָפע] אַדוו פֿראַזע. תּח. איבּערן אָרט אויפֿן שטערן וואו עס קומט דער של־ראָש בּײַם לייגן תּפֿילין. ['לטטפֿת בּין עיניך, (דבֿרים, ו, 8): „אַ שטערנבּאַנד צווישן דײַנע אויגן„, תּי.] א, ל, וואַקסט בּײַ אים אויך ניט קיין האָר. א, ל, איז בּײַ אים קיין זאַך ניטאָ = דזוו ניטאָ קיין שׂכל אין קאָפּ.

איבּערנמאס — [...נימעס] אַדוו. בּיז גאָר, זייער נמאס, עקלדיק, דערווידער. ס'איז מיר א אַזוינס צו טאָן. זן, אַדי. א'ע מעשׂים.

,

איבּערן מויל

איבּערן מויל — אַדוו פֿראַזע. אויף די

ליפּן. *כאַפּן אַ שמיר א, מ, = קריגן אַ
זעץ אין פּנים. *ס'רינט אים די סלינע (סמאַהע,
פּֿעטס, שמאַלץ) א, מ, = א) ער האָט אַ סך
מער ווי ער באַדאַרף; ב) פּעיאָ. ער האָט
שטאַרק הנאה, פּאָסמאַקעוועט זיך. *נ י ט
ברענגען א, מ, = ניט אַרויסרעדן, ניט
אַרויסזאָגן, ניט דערמאָנען. דזוו ניט ברענגען איבער
(אויף) די ליפּן. „אין צען בריוו האָב איך
גנענדלס נאָמען ניט געברענגט א, מ'„, פּרץ,
'האשה מרת חנה'. „ס'איז דאָ רייד וואָס מע
טאָר א, מ, נישט ברענגען“, י. מ. ניימאַן,
שבת אויבּס, וואַרשע 1923.
איבערנמשלען — [...נימשלען] טרוו. נמשל
איבער, ~גענמשלט. געבן אַן אַנדער נמשל
צו אַ משל. מאַכן אַן אַנדער אויספּיר פֿון אַ
מעשׂה (שהיה). א, דאָס אייגענע פּאַרקערט. א,
די מעשׂה פֿון מדרש.
איבערנעבעכל — דאָס, ־עך. אַ גאָר
שלימזלדיק נעבעכל. „די באָבע מײַנע איז געווען גוט
צום מאַן, וואָס זי האָט גענומען נאָך
צוואַנציק יאָר זײַן אַן אַלמנה. זי האָט אים אָבער
גערופֿן א'„, רייד.
אי'בעתעגאַטי'וו — אַדי. נעגאַטיוו איבער
דער מאָס. אַ ביטולדיקע, אַן א'ע באַציאונג.

איבּערנעגירן — טרוו. ־גיר איבּער, ~נעגירט. נאָכאַמאָל, אָדער שטאַרקער, אָדער אין אַ צאָל פֿאַלן נעגירן, פֿאַרניינען. א אַלץ וואָס מע
,

-

לייגט פֿאָר. ־ונג.
איבּערנע־ונדעווען — [...נאַוועדנאַדעווען]
אוטוו. ־דעווע איבּער, ~גענע־ונדעוועט. זײַן נעונד, אַרומוואָגלען אין אַ צאָל ערטער, אַ לענגערע צײַט. א, איבּער לענדער און קאָנטינענטן. א, איבּער סיבּיר.
איבּערנעכטיקתג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון איבּערנעכטיקן. אַ בּאַקוועמע א'. 2. שוצאָרט, האַרבּעריק איבּערצוזײַן אַ נאַכט. „ווער וועלט געבּן מיך איין איבּר נעכטיגונג מיט דיא געסט, כלומר ווער וועלט דז איך ניט דער היים ווער אונ, זעלט פֿר לאָזן מײַן פֿאָלק“, סהמ, ירמיה, ט, 1 פֿרעגט דער טאַטע: סטײַטש
„ .
כּמלונה? — כּמלונה, ווי אַן א', — ענטפֿערט לייבּעלע דערשראָקן,,, אַר, 'פֿאַרמאַכט'.

איבערנעכטיקן — אַקוזוו. ־טיק איבער,
~גענעכטיקט. 1. פֿאַרבלײַבן אויף אַן אָרט
במשך פֿון איין נאַכט; איבערשלאָפֿן ערגעץ
אַ נאַכט. א, אין וואַלד. מ׳ פֿאַרטײַטשט ,מקום
...ללין, (בראשית, כד, 23): ,,צו איבר נעכטיגן
איין נכט,,. ,,און, ער טעט תּפֿילה אם
זעלביגן אורט און ער איבר נעכטיגט [אַרכ:
איבערנע'כטיקן] דא, דען עז וואַר אונטר
גיגאַנגן די זון“, לט1, טז/ב. ,,וועו איינר אבר
קומט אין איין אורט און, וויל דאַרט איבר
נעכטיגן און, בזינד [= באַזינט] זיך דער נאָך
ווײַטר צו רײַזין...מוז ער נאָך איין מאָל
תּפֿלת הדרך זאגין,,, סtיח הסדדה (הקדמה),
פֿיורדא 1737. ,,וואַרט און נעכטיק דאָ איבער,
וועלן מיר איבערשמועסן און מיר וועלן זיך
מיישבֿ זײַן,,, נחבֿ, ,מעשׂה בּחכם ותּם'. ,,עפּעס
אַ בּחור איז געקומען. ער בּעט זיך א, די

9,

נאַכט אין דער שולע“, ממוס, שלמה. ״דרײַ
זאַכן ברענגען דעם מענטשן פֿון דער וועלט
...די דריטע זאַך דאָס א, אויף דעם

הקבֿרות“ [פֿגל], ר, אַבֿרהם עפּשטיין, דרך אברהס, לאַשטשעוו 1817. *דער מענטש איז ניט צום א, = ער איז אַ חולה מסוכּן, ער קען אַוועקשטאַרבּן אַ ליאַדע נאַכט. *א, מיט אַ צרה (אומגליק) = זיך צוגעוואוינען צו דעם.

2. נעכטיקן אַ צאָל נעכט אין איין אָרט אָדער אין פֿאַרשיידענע ערטער. „נון...איך מכט וויַט אַוועק פֿליהן, און, מעכט איבּר נעכטיגן אין דער מדבּר„, סהמ, תּהלים, נה, 8. [תּי: „וואָלט געוויַלט“]. „מע מוז פֿריִער א, אַ היפּש בּיסל נעכט אין בּית־מדרש אויף דער בּאַנק, האַרט ווי אַ שטיין„, ממוס, ווינטשפּ. „פּוילן הייסט אויף העבּרעאיש 'פּה לין', דאָ דאַרפֿן ייִדן היסטאָריש א'“, מוק, מיַינע בּאַגעגענישן. „א, אין פֿיל האַרבּעריקן„, חה, ב, רו.

3. טרוו. האַלטן עפּעס אין הויז בּמשך פֿון דער נאַכט. „אַ ציבּעלע אָדער אַ קנאָבּל, אָדער אַן איי, אויבּ מע האָט פֿון זיי אָפּגעשיילט גאָר זייער שאָלעכץ, זאָל מען זיי ניט לאָזן א'„, א. א., דרך הישרים, [קעניגסבּערג] 1857.

4. אוטוו. זיַין, וויַלן אין זיכערקייט. „„בּצל שדי יתלונן, — אין שאָטן דאש אַלמעכטיגן

טוט ער איבּר נעכטיגן,,, בּרכּת המזון, אַמשט 1723, מד/א. ,,'נפשו בּטובֿ תּלין, — זײַן זײַל װעט אַ, אין גוטן און זײַנע קינדער װעלן ירשענען דאָס לאַנד,,, חה, נו.

5. טרוו. פֿאַרהאַלטן אויף איבּער דער נאַכט. 'לא תלין פּעלת שׂכיר אתּך עד בּקר, (ויקרא, יט, 13) פֿאַרטײַטשט טח: ,,און, ניט דוא זולשׂט איבּר נעכטיגן לון דשׂ גידינקטן מיט דיר בּיז מאָרגן,,. און תּי: ,,זאָלסט ניט לאָזן אַ, דעם לוין פֿון אַ געדונגענעם בּיז אינדערפֿרי“.

6. טרוו. איבּערלאָזן אַן אומרעכט, אַן עבֿירה אין געדאַנק איבּערנאַ'כט (אָן חרטה). ,,בּיז ווּיא לנג ווערשׂטו איבּר נעכטיגן צווישן דיר דיא מחשבֿות פֿון דײַנם רויבֿ אודר דײַן אום רעכט“, סהמ, ירמיה, ד, 14. ,,וואשׂ ער בּײַא טאָג פֿר איין עבֿירה גיטאן האָט, די זאָל ער ניט לאזין איבּר נעכטיגן,,, אַריה ליבֿ זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. אויך מיט ז י ך — אַזוי זיך; מיט אַ בּאַפֿרידיקונג.

־ונג. ־ער. ־ערין, אַרכ — אָרט איבּערצונעכטיקן. אַזוי טײַטשט טח 'מלונה, (ישעיה, 8 ,l).

איבּערנעכטן — דזוו איבּערנעכטיקן. שווב.

איבּערנעם — דער, ־ען. אַקט פֿון

איבערנעמען אין אַלע בבֿ. „רבֿקה האָט אין יעקבֿן
אויסגעשמידט דאָס באַוואוסטזײַן פֿון ירושה־א'„,
אפּא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. „מאַכט־א'„,
ש. ביקל, טמז, 1962 II י 20.
איבערנעמען

— טרוו. נעם איב. קריגן אין
ר, ~גענומען.
(אויך: ~גענעמען, פּר, מג).
די הענט, אין רשות וואָס מע גיט איבער.
דזוו נעמען. א, דאָס פּעקל, דעם אינסטרומענט,
דעם פּאַקל אאַזוו. א, דאָס קינד אויף די
אייגענע אָרעמס. "יונתן...נעמט אים [דעם פּאָטער
וואָס וואַקלט זיך] איבער פֿון די גבאים„, פּרץ,

איבערנעמען

גאָלדענ קייט. אויך פֿיג. א, דעם שחרית.
„די עפּאָכע וואָס קומט איבערצונעמען..די

ירושות פֿון אַלע פֿריִערדיקע ריכטונגען און

שטרעמונגען“, שנ, דערציילערם און ראָמאַניסטן I. „אַזוי פֿיל ייִדישע שוועלן וועלן דיך שוין ניט א'“, אסתּר שומיאַטשער, לידער.
*א, איבער די פּלייצעס = א) נעמען און אויפֿהייבן הויך; ב) איבערשטײַגן. „זיך געיאַוועט ייִדישע טאַלאַנטן. זיי וועלן אונדז א, איבער די פּלייצעס“, ח. פּעט, פֿאַש, 1956 I 13.

2. נעמען מער ווי ס'איז דערלויבט, ווי מע מעג, ווי עס פּאַסט זיך, ווי מען איז באַרעכטיקט צו נעמען. א, אויף דעם אײַנגעשטעלטן פּרײַז. אַ קרעמער וואָס נעמט איבער. א, אין אַוואַנסן מער פֿון די שׂכירות. „נעמט מען איבער בײַם אָרבעטער אויף יעטוועדער זאַך פֿון 20 ביז 100 פּראָצענט“, דיא שכירות לעמבערג 1896. „דער קאַסיר זאָגט: [ע] האָט שוין איבערגענומען אַריבער אַ דרײַערל„, בערג בײַס דניעפּער I.

3. נעמען אַ סך מאָל במשך אַ צײַט. א, אַ סך רפֿואות ביזן געזונט ווערן. א, אויף באָרג אַ היפּשע סומע. א, לאַפּווּקע ווי אַ מאַזעפּעווקער פּריסטאַוו. „דאַרפֿט איר שוין פֿאַרשטיין וויפֿל געלט מיט מתּנות איך האָב בײַ דעם אַרענדאַר איבערגענומען“, ריב„ל, די

הפּקוועלט II, וואַרשע תּרס,,ב.

4. אָננעמען אַן אַרבעט (אַמט, שטעל), אויסגעפֿירט פֿריִער דורך אַ צווייטן. ,,וו אַזוי ,קען דער יונגערמאַן, וועלכער האָט געלאָזט אין דער היים אַ ווײַב מיט קינדערלעך, א, די סלוזשבע?,,, ייִפֿאָל, 17 1887, No. ,, מאָנטיק בין איך גאַנץ פֿרי געקומען, האָב די שטעלע איבערגענומען'', מ. אַחון, די צוויי שוועגעד, ווילנע תּר''ס. ,,האָט יאָ מסכּים געווען איבערצונעמען דעם שווערן און טראַגישן אַמט'' פֿאָר, 29 XI 1964.

5. ,קריגן (פֿאַר זיך, פֿאַר אַן אַנדערן) אַ פּאָזיציע, אַן אַמט, אַ שטעל, וואָס איז געוואָרן וואַקאַנט (נאָכן טויט פֿון דעם וואָס האָט עס פֿריִער פֿאַרנומען אָדער איבער אַנדערע סיבּות). א, אַ רבנות. א, די שחיטה נאָכן שווערס פּטירה. א, דעם פֿאָרזיץ. א, בירושה דאָס געשעפֿט, דאָס הויז (אויו: די חובֿות, אַ קרענק א). ,,וואָלט ער טאַקע איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איבערגענומען דאָס קברנות'', פּרץ, ,דאָס שטעטל שרעקט זיך.

,,זײַן יום־פּטירה איז געקומען און...זײַנע
קינדער וועלן זײַן גדולה א',,, ר, הילל ליכטנשטיין,
עת לע□ות II, סאַטמאַר תּרפּ,,ה. ,,נאָך דער
הסתּלקות פֿון זײַן פֿאָטער...נעמט ער איבּער
די נשׂיאות פֿון חסידי חבּ,,ד,,, לדבּ, נ"י 1957.

6. אַריבּערקריגן אין אייגענע הענט דעה, מאַכט, הערשאַפֿט. א, די ממשלה, די אָנפֿירונג פֿון לאַנד. דער המון האָט איבּערגענומען די גאַס. *א, די לייצעס, די גרענדע = די ממשלה, די אָנפֿירונג. ,,איצט האָט דער צווייטער מענדעלע איבּערגענוטען די ממשלה,,, ממוס, שטורעמצײַט. אויך פֿיג. ,,ס'איז אַדורך אַ קורצע נאַכט, דער טאָג דער גרויער האָט איבּערגענומען די מאַכט,,, י. אײַזמאַן, ממעמקים, געטאָלידער, בּוקאַרעשט 1945.

איבּערנעמען

7. אָפּקויפֿן אָדער אָפּדינגען בײַ עמעצן און אַריבּערפֿירן אין אייגענעם רשות. א, אַ געשעפֿט, אַן אונטערנעמונג, אַ וואַרשטאַט אדגל. א, אַ גוט־אײַנגעשטעלטע קראָם, אַ גוטע פּרנסה. ,,די מילן...וועל איך...דינגען, נאָר עס זאָל זײַן בּסוד, בּיז איך וועל זיי דאַרפֿן א,,,, יפּ.

,,דער מענטש וואָס נעמט זיך פֿאַר בקיין

[= בשו□] אופֿן אַזאַ געשעפֿט צו א, וואָס

עס איז [דאָ דערב□ך] עפּעס אַן איסור, טוט

אים דער בורא ב"ה צו העלפֿן געשפּײַזט צו

ווערן בהיתּר", ר, יצחק האַמבורגער איבז,

□יח יצחק, קראָקע 1882. ,,נחום וועוויקס איז

אַראָפּגעקומען...און איבערגענומען די 'פּאָטשט',

מיטן הויף, מיטן גאַנצן אינווענטאַר,,, שע,

פֿונעם יאַריד I. ,,פֿאָרן קיין אויסלאַנד וועט

אים קאָסטן ביליקער איידער איבערצונעמען

אויף זײַן חשבון די גוראַלניע,,, בערג, בײַם

וניעפּעך □.

8. נעמען אויף זיך און טאָן וואָס אַן

אַנדערער האַלט אין טאָן. *א, די הענט =

אַרויסנעמען אַ שווערע אַרבעט פֿון עמעצנס

הענט. ,,ער איז...צוגעגאַנגען צו דעם פֿאָרנט

פֿון מיטה, איבערגענומען דעם שטאַנג און זיו

אײַנגעשפּאַנט אין איר,,, אַר, 'דער בדחן'. ,,אין

פלאָנטערנדיקן געווירבל האָבן איבערגענומען

דאָס געשלעג צו זיך אין די הענט", בערג,

בײַם דניעפּער II. "טרעפֿט [ע□] אַן אַלטע

גויע גיין פֿונעם טײַך...מיט אַ פּאַק וועש, נעמט

ער איבער איין קלומיק אויף זײַנע פּלייצעס□,

סמ□. אויך: א, דעם פּאַק פֿון דער רעכטער
האַנט אין דער לינקער.

9. נעמען או□ף זיך די אַחריות, די פֿאַר
פֿליכטונג עפּעס צו טאָן, עפּעס מקיים צו
זײַן, דורכצופֿירן. א, דעם בּרודערס חובֿות.
א, אויף זיך די איניציאַטיוו(ע). א, די
גאַראַנטיע פֿאַרן דורכפֿירן דעם אָפּמאַך. □א, די
אַחריות = גאַראַנטירן. א, דאָס צוגרייטן דעם
יערלעכן בּאַנקעט. ,,האָבּן איבּערגענומען די
פֿאַרגרעסערונג און אויסשמוקונג פֿון...זאַל...
צו פֿאַרזאָרגן,,, ארז, קמ, 14 1867, No. ,,די
קאָלאָניזאַציע זאָל א, דער בּאַראָן הירש...עס
זאָל ווערן גאָר אינגאַנצן אַנדערש“, פּר□ו,
געדאַנקען □ון אידייען. ,,א, די אַחריות אַז דער
אַנטיסעמיטיזם וועט אייבּיק בּלײַבּן אין די
גרענעצן פֿון איידלקייט...קען אויך קיינער
ניט“, זשיט III□, נ,,י 1919.

1O. נעמען אויף זיך וואָס געשעט אָדער
דאַרף געשען מיט אַ צווייטן. “הלוואַי קען
איך א, דײַנע ווייטיקן, מײַן טײַערע“. ,,
וועלכע מוטער איז ניט גרייט זיך מקריבֿ צו
זײַן פֿאַר איר קינד, א, דעם קינדס יסורים און
אַפֿילו דעם קינדס טויט!,,, רייד. ,,דאָס פֿאָלק

האָט געגלייבט אַז מע קען א, אויף זיך דאָס
וואַס עס ברויך צו קומען אויף יענעם...ווי
רבֿקה האָט געזאָגט צו יעקבֿן: 'עלי קללתך
בני',,, יע, וואונדער־אוצר פֿון דעך ייִד, שפּראַך,
וואַרשע תר,,פּ.
11. אָננעמען זיך מיט אַ קראַנקייט. אָנשטעקן
זיך פֿון עמעצן. א, מאָזלען פֿון ברודערל.
,,איך ווייס פֿון וועמען? דאַכט זיך, דאָס [די
ווענערישע קראַנקיי□] איבערגענומען פֿון אַן

אייגענעס, אַ יאַט‘‘, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע
.1922
12. אַרײַננעמען אין זיך; נעמען און
איבעראַרבעטן אין זיך. א, דעם רבינס מידות טובֿות.
א אַ שיטה, אַ נײַעם וועלטבאַנעם. א אַ
ניט, ,
ייִדיש לשון און עס פֿאַרייִדישן. ,,אַ באַזונדער
לשון...ס'רעדט 'פֿון זיך אַליין, און ס'ווייסט
אויו ווען איבערצונעמען פֿון דער פֿרעמד
און ווי אַזוי צו פֿאַרייִדישן עס‘‘, ביר,
ייִדישקייט און לשון, וואַרשע תּר‘‘ץ. ,,זיי האָבן

איבערגענומען...זייערע אַנטיקלעריקאַלע מיינונגען
...און זייער קוק אויף ליטעראַטור, שנ, ייִד,
שרײַבער אין סאָוו, פֿאַרבאַנד. דאָס האָט זיך
געצויגן נאָך פֿון בעל־שם־טובֿ, ווײַל ער האָט
איבערגענומען די קבלה פֿון האַר״י הקדוש
און דער אר,,י האָט געדאַוונט על־פּי נוסח
ספֿרד,,, צ. כּהן פֿאָר, 11 XII l964.

13. אימיטירן. אַריבערנעמען אין אייגענעם
פֿיר אָדער באַנוץ עפּעס (פֿון דער פֿרעמ).
א אַ מאָדע. א, די מנהגים און לעבן־שטייגער
פֿון אַ נײַ לאַנד. ,,הערשעלע האָט...
איבערגענומען בײַ זיי דעם שטייגער פֿון ווינטשן,,,
ממוס, ווינטשפֿ. ,,די רוימער האָבן
איבערגענומען בײַ די גריכן די שיך־פֿאַסאָנען,,, דר,
י. וואַלאַך, טמז, 1962 י 27.

14. נאָכמאַכן, נאָכטאָן. א, מאָדנע ניטן.
א, יענעמס העוויות און פּאָסטעמקעס און זיי
אַזוי נאָכמאַכן, דער עולם זאָל זיך קאַטשען
פֿון געלעכטער. ,,איך נעם איבער אַ זאַך
זייער גרינג,,, שע, מאָטל.

15. אויפֿכאַפּן, תּופֿס זײַן, באַנעמען,

דערוויסן זיך. האָבן אַ גוטע תּפֿיסה און לײַכט
א אַ נײַעם לימוד. א, וואָס מע לערנט. „ער
,
האָט תּיכּף אַלץ איבערגענומען וואָס מע האָט
מיט אים געלערנט„, ספֿר השגחת הבורא,
לעמבערג תּרע„ב. „...האָט צוזאַמענגענומען פֿון
אַלע ישיבֿות די חכמי־הדור און זיי געגעבן
כּל הצטרכות און פֿון זיי איבערגענומען וואָס
נאָר יעדערער האָט מקבל געווען פֿון זײַן
רבין“, סשי II. *א, די (גאַנצע) ת ו ר ה =
אויך איר ווענן עפּעס וואָס איז גרינג, פּשוט
אָדער וואָס מע דאַרף גאָרניט א'. א, די תּורה
פֿון לייגן אַ לאַטע. א, די תּורה פֿון
אַרויסכאַפּן עפּעס פֿון די הענט.
16. פֿאַרשטיין און קענען נאָכזאָגן, נאָכטאָן.
א, וואָס דער מגיד האָט גערעדט. „צווישן די
אורחים זײַנען געווען אַ שיינע פּאָר מנינים
חסידים, וואָס האָבן גוט און גרינג
איבערגענומען אַ מאמר„, לדבֿ, נ“י תּשי„ז. א, אַ
קאָמפּליצירטע טעכניק.
17. קענען נאָכזינגען, נאָכשפּילן. „האָט זי
געהערט ערגעץ זינגען אָדער שפּילן אַ נײַעס,
האָט זי דאָס תּיכּף איבערגענומען און
איבערגעזונגען אויף איר שיינער...שטימע“, שע,

ייִדישע ראָמאַנען. "און די מאַמע פֿלעגט זיך וואונדערן: ווי זי האָט עס שוין איבערגענומען דעם ניגון", אַר, 'נאָך דער אָפּערע,.

18. איבערכאַפּן, אַרײַנקריגן דאָס וואָס איז באַשטימט פֿאַר אַן אַנדערן. א, פֿרעמדע בריוו. א, דעם שליח און אָרויסקריגן פֿון אים סודות. אויך: א, די אָפֿענסיווע. *א, מיט די א ו י ג ן = א) דורכנעמען מיט אַ בליק; ב) מקנא זײַן.

איבערנעמען

19 פֿאַרהאַלטן, קאָנפֿיסקירן, אַרעסטירן.

.

,,מע זאָל דיך, חס ושלום, ניט א',,, שע, 'יקנה"ז'. ,,וואָס טו איך, די שעה זאָל ניט באַשעהן, און מע נעמט איבער אַלע פֿערד? האַ? ווילסט זײַן אַ שותּף צום שאָדן?,,, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

2O פֿאַרהאַלטן מיט אַ בקשה. א אַ פֿרײַנד

.

(בײַ אַ צופֿעליקער באַגעגעניש) און אים פֿאַרבעטן צו זיך. ,,איך בין...אַרויס אין דער פֿרי פֿון מײַן שטוב...נעמט מיך איבער...אַ ייִד מיט דער בקשה איך זאָל צוקומען דאָ ניט ווײַט אין אַ שול, זײַן דער צענטער צו אַ מנין,,,

ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I.

21. אויפֿנעמען, מקבל פּנים זײַן. א, די דעלעגאַציע בײַ דער טיר. „אַמאָל איז אַלעקסאַנדער דער צווייטער דורכגעפֿאָרן דורך ווילנע...זײַנען אים אַלע אַרויס א'“, פֿמ. „מיט ברידערלעכן א'...אין רבינס הויף„, נס. פֿיג. „אַ יתום וואָס איז בתוך שבֿעה אוו עס האָט אים באַגעגנט אַ רגל וואָס האָט זײַן אַבֿילות איבערגענומען“, משניות כּבֿ ונקי..., לעמבערג 1872.

22. באַהערשן, איבערשטאַרקן. „די קינדער האָבן אַזוי לאַנג געוואַיעוועט, ביז דער שלאָף האָט זיי איבערגענומען“, רייד. „עז האָט אַמאָל דעם קינג דער ווײַן איבר נומן, דא ביפֿעלט ער זײַני קינגין ושתּי זאָל פֿר אים און זײַני הערין נאַקדיג קומן“, ▯ה II, פֿיורדא 1732.

23. שטאַרק באַווירקן, אויפֿרודערן. “דער רבֿ האָט זיך ניט געקענט אויסרעדן, דאָס רחמנות האָט אים איבערגענומען, זאָ האָט ער אים מבֿטיח געווען אַ בן־זכר“, יעקל מאָרגענשטערן אויס לאָדז, ר, חצקעלע, וואַרשע 1882. „עס האָט מיך נאָך נישט קיין מענטש אַזוי גערירט און דאָס ה אַ ר ץ איבערגענומען, אַזוי ווי איר מיט אײַערע רייד„, א. ב..

דער טבֿסtר ישועה, וואַרשע 1900. „איינמאָל
איז געקומען [צום רבין]...אַ מקורבֿ מיט אַ
קוויטל פֿון אַ חולה, אַ גוסס רח״ל, האָט עס
אים שטאַרק איבערגענומען„, מע׳Iיות נוראיס,
פּיעטריקאָוו תרע„ד.

24. (וועגן אַ כּוח, אַ מאַשין) דורכפֿירן אַ
פֿונקציע, אַן אַרבעט. עלעקטרע נעמט איבער
דאָס טרייַבן די רעדער פֿון דער פֿאַבריק. „דער
עטער איז פּשוט אַ פֿאַרלייַכטערונג צום
פֿיזיקאַלישן דענקען, ווייַל ער האָט אויף זיך
איבערגענומען די ראָל פֿון אַ פֿאַרמיטלער
צווישן אַלע וועלטקערפּער„, גוטנ. „אַ סך זענען
באַזייַטיקט געוואָרן פֿון זייערע שטעלעס, ווייַל
זייער אַרבעט איז איבערגענומען געוואָרן פֿון
דעם 'גולם'״, טמז, 25 .1964 XI l8.

אריבערנעמען, אַריבערפֿירן, אַריבערברענגען. א,
איבערן טייַך. א, דעם אַלטן טאַטן קיין
אַמעריקע.

26. במקום־ווערב פֿאַר פֿאַרשיידענע
טואונגען. א, [איבערבינדן] דעם פּאַק מיט שטריק.
א, [אַרומגאַרטלען] דאָס קליידל מיט אַ
גאַרטעלע. א, [דורכציִען] די פֿאָרהענגלעך מיט אַ
סטענגע. א, [איבערפֿלעכטן] הענט בייַם טאַנצן

אַ שער. א, [אַריבערוואַרפֿן, אַריבערציִעה דעם שטריק איבערן פּלויט.

איבערנעמען זיך

איבערנעמען זיך — → דפֿוו. 1. באַרימען
זיו. „אַזו האָט גאָט געזאָגט: צור, דוא איבר נעמשׂט זיך [אַדב: איבערנע'מען זיו] זיר וויא דוא שין בישׂט„, סהמ, יחזקאל, כז, 3. „דאַרום זאָל זיך איין מענש ניט איבר נעמן, אוב ער שון פֿיל גוטי מעשׂים העט גיטאן“, לט, טו/א. „למשל וועו נאַר איין קינד א„ב אַן היבט אַזו האָט עז דען שׂבל דז דאז קינד איבר נעמט זיך אונ, דייצט זיך שון מיט אַנדרי קינדר דיא ניט א„ב קענין„, אַריה ליב זעליגמאַן, תּקוני המועדים פֿיורדא 1725. „דאָס

,

שיינדל פֿון גלופסק, מיט וועלכן [די שטאָ] נעמט זיך איבער פֿאַר אַ וועלט מענטשן„, ממוס, ווינטשפֿ. „איבערהויפּט נעמען זיך איבער די כּתרילעווקער קליינע מענטשעלעד מיטן אַלטן בית־עולם“, שע.
2. האַלטן זיך גרויס, זיין פֿאַרריסן, זיין גאווהדיק. א, זיך ווי אַ רייכער מחותּן אויף

אַן אָרעמער חתונה. א, זיך ווי אַן אינדיק ערבֿ פּסח. זיך א, און מיינען אַז מען איז שוין אַ גאַנצער קנאַקער. „וואָס נעמסטו זיך איבער? מיינסט, האָסט אָנגעכאַפּט גאָט פֿאַר דער באָרד?“, פֿוול. „מיט עשירות טאָר מען זיך ניט א'“, שוו. „אַ מענטש האָט זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען“, שוו. „ווען עשׂ אונשׂ מענשין שונט גנץ וואול גיט, זולין מיר זיו ניט איבר נעמין„, גה, 175. „אַך טונין זיא זיך מיט איר עשירות איבר נעמן, אַלז ווען זיא זיך העטין אַליין בישאַפֿין“, „אַ נײַ קלאָגליד אויף אַ משרת אין פֿראַנקפֿורט', האַנוי 1708 [פֿש II]. „דרום אויך איבר נעמט זיך דער רשע„, סהמ, תּהלים עג, 6 [„לכן ענקתמו גאוה, — תּי: „דרום איז גאווה זייער האַלדזבאַנד“]. „רבש״ע, זײַ מיר מוחל ווײַל איך האָב מיר לײַדער איבערגענומען מיט מײַן שוינהייט, איבער דעם האָב איך לײַדער מיט מיר גרויסע גאווה געטריבן„, תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798]. „וואָס נעמט זי זיך דאָס אַזוי איבער, די מיאוסע מויד, הע?“, עט, סערקעלע. „נעם זיך פֿונדעסטוועגן ניט אַזוי איבער...דו ביסט אַ בשׂר־ודם ווי אַלע אַנדערע“, ממוס, קליאַטשע.

3. זײַן שטאָלץ; זיך פֿילן געהויבן. א, זיך מיטן גערא̇טענעם זון דעם דאָקטער. א, זיו מיט דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט. „האָט גיזעהן דאז זיך דיא רעבצין אַזו איבר נימט דאז מאַן דען מאַן אַזו קוישטליך הלט, אונ דז גיזינד אלש שטאָלץ איז„, בראָנט. „אונ, דער אדוניה וואַר איין שינר מאַן דאַרום וואַר ער זיך איבר נעמן„, צור. „...משרתים וואָס נעמען זיך איבער מ י ט דעם כּבֿוד פֿון זייערע בעלי־בתּים„, ממוס, קלי טשע. „זוך נישט צו געפֿעלן שוטים, זאָל דיך נישט אַרן זייער געשפּעט און נעם זיך ניט איבער פֿ ו ן זייער לויב", ממוס, 'פֿון אַ בריוו'. „שטאַמענדיק פֿון אַ...יחוס, מיט וועלכן זי מעג זיך א'..., בערג, אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאַט.

4. זיך פֿאַרמעסטן (צו ווײַזן ווער עס איז שטאַרקער, פֿלינקער אע). א, זיך א י ן לויפֿן. „ייִדישע קינדער מענסשלען זיך, נעמען זיך איבער מ י ט די גבֿורות„, ממוס, „אַ שטאָט אין מזרח'.

5. פּיעשטשען זיך; זײַן קאַפּריזנע. „א,

וועסטו זיו בײַ דער מאַמען דײַנער,,, רייד.
פֿפֿ: א, זיך ווי אַ בן־יחידל; ווי איינער פֿון זיבן געבליבן; ווי אַ קימפּעטאָרין; ווי עפּעס רעכטס.

6. דריטפּערזאָניק. ווערן ווייניקער. אויספֿעלן. ווערן טײַער. *ס'האָט זיך איבערגענומען = ס'איז געוואָרן ווייניקער. ,,אין איינעם אַ יאָר וואָס עס האָט זיך זאַלץ זייער שטאַרק איבערגענומען‘‘, פֿמ.

7. דריטפּערזאָניק. פֿאַרבײַגיין, דורכגיין, אײַנשטילן זיך. דער טומל, די מהומה, די הריגה אע וועט זיך א'. ,,נישט צו רעדן אַ וואָרט און וואַרטן ביז די מהומה, דער געפּילדער וועט זיך א',,, ממוס, ,פֿון אַ בריוו'. ‘‘די שלאַפֿקייט האָט זיך איבערגענומען און צו גאָט אַ האָפֿענונג, ער וועט...זײַן געזונט‘‘, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

8. ווערן דורכגענומען פֿון אַ שטאַרק געפֿיל. זיך נעמען שטאַרק צום האַרצן. א, זיך פֿון (מיט) אַן אומגליק. א, זיך מיט יענעמס ביטערן גורל. א, זיך מיט אַ באַשרײַבונג פֿון די חורבן־יאָרן. ,,האבן זיא אים פֿר איין נשׂיא גימאַכט, דא האָט זיך דער הלל דרויף איבר נומן,,, מהמ. א, זיך וואָס דער שידוך איז

זיך צעגאַנגען. ״האָט זיך דערפֿון אַזוי
איבערגענומען אַז זי האָט אָנגעהויבן קרענקען,,
באַש.
9. מיט נ י ט. ניט אַרן, ניט קימערן זיך
איבער עפּעס. ,,שמעלקע נעמט זיך ניט איבער מיט
פּיניעס געשרייען: זאָל ער שרײַען, דער שיכּור״,
דוד פֿלינקעד, מז, 1948 I ו 6.
1O. איבערהאָרעווען זיך. ,,מע טאָר ניט
יאָגן פֿון זיך די נשמה אַרויסצוענדיקן דאָס
שטיקל אַרבעט און זיך א',,, רייד.
11. אַרכ. נעמען פֿאַר זיך מער ווי מען
איז באַרעכטיקט. (פֿרגל, איבערנעמען, ב2). ,,איז
עשׂ אבר דשׂ ער ניט רעכט אומגינג מיט זײַנם
געלט, דאשׂ ער זיך איבר נעמט [דאָ:
איבערנע'מען] — דער ווערט גיהיישׂן .ין און
ערליכר בעל הבית,,, לט1, נא/א.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.
איבערנעמער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס נעמט איבער (איבערנעמען אין
אַלע בב). 2. ספּעצ. אָנגעשטעלטער אין אַ
גרעסערער פֿירמע וואָס זײַן עובֿדה איז
דורכקוקן, רעווידירן די אַרײַנקומענדיקע סחורות.
איבערנעמעריש — אַדי. וואָס איז פֿון,

האָט אַ שײַכות צו אַן איבערנעמער, גאווהדיק, באַרימעריש. א, בלאָזן פֿון זיך ווי אַן אַמעריקאַנער אָלרײַטניק. א, דערציילן וועגן די אַוואַנטורעס בחורווײַז. ,,האָב איך זיך...נישט געפּיעשטשעט און נישט געוועזן...א, מיט עסן און שלאָפֿן,,, י. טיגער, דער צדיק און דער בעל־תשובֿה. ־קייט — ״זיי קוקן מיט שטאָלץ און א',,, נס, 'הערשל אַנשעלעס'. ,,אָן דעם מינדסטן זשעסט פֿון פּאָעטישער א,,,, ש. ביקלי היימיש, יאַנ, 1959.

איבעתעסטן זיך — רעפֿל. נעאָל. נעסט זיך איבער, זיו ~געגנעסט. זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אַנדער אָרט און דאָרטן זיך אויסבויען

איבערנתנען

אַ נעסט, אַ היים. ,,דאָ איז געוואָרן צו געדיכס. לאָמיר זיך א',,, רייד.

איבעתעצן — טרוו. געץ איבער, ~געגנעצס.
1. נאָכאַמאָל, ווידער, אויף אַן אַנדער אופֿן נאַס מאַכן. א אַ לײַלעך. 2. צו פֿיל באַנעצן.

,

א, די פּאָסטמאַרקעס און זיי ניט קענען אַרויפֿקלעפּן.

איבעתערן — טרוו. נער איבער, ~גענערט. געבֿן צו פֿיל נערונג, שפּײַז. א, דאָס פֿייגעלע אין שטײַג.

איבערנפֿלאדיק — [...ניפֿלעדיק] אַדי. (אי▯) ביז גאָר וואונדערלעך. א'ע מעשׂים.

איבערנצהנען — [...נאַצכענע▯ I טרוו. נצחן איבער, ~גענצחנט. איבערשטײַגן עמעצן בײַ אַן איבעררייד, אַ קריגערײַ (און בלײַבן דער זיגער). אַ ייִדענע וואָס וויל תּמיד א, דעם מאַן.

איבערן קאָפּ — אַדוו פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן ב. נעמען דעם טלית א, ק'. דאָס קינד קריכט אים א, ק'. א, ק, אין וואַסער. אַ זעץ, אַ האַק א, ק'. גוזמאדיק: שמוץ א, ק'. *ג י י ן א, ק, = אויסמײַדן דעם ראָש, דעם הויפּט און זיך ווענדן צו עמעצן וואָס איז אונטער אים. 2. איבערגענוג. „מיר האָבן געהאַט משקה א, ק, און צו פֿאַרבײַסן אויך,„ קמ, 1868, No 11. „דאגות פּרנסה האָט זי א, ק',„ פּינסקער שטאָט־לוח, תּרס"ד. 3. איבער די כּוחות; אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין עפּעס. פֿאַרזונקען (פֿאַרטרונקען, פֿאַרבאָדן, אַרײַנגעקראָכן פֿאַרזעצט אע) א, ק, אין חובֿות.

—

„אַז איינער האָט אַ סך געשעפֿטן הייסט עס,

דאָס ער האָט געשעפּטן א, ק',,, יע,

וואונדעראוצר פֿון ייִד, שפּראַך, וואַרשע תר,,פּ. ,,ס איז ערבֿ חגא, אַרבעט א, ק, אַריבער, גייסטו זיו אַוועק שפּאַצירן,,, י. עלבערג, איק, ר,,ה תּשכ,,ב. פֿאַרמשכונט א, ק'.

*כ אַ פּ ן אַ בראָך א, ק, = ווערן שטאַרק אויסגעזידלט. *פֿ אַ ר ל י ב ט א, ק, = זייער שטאַרק פֿאַרליבט, ביזן פֿאַרלירן דעם קאָפּ. ,,ער האָט זיך פֿאַרליבט אין מרימען איבער די אויערן, דאָס זעלביקע זי אין אים א, ק'", נ. ח. לעוונער, דער סאַמאָוואַר, ווילנע 1900.

*ק ר י כ ן (יענעם) א, ק, = זיך באַנעמען גראָב, אָן טאַקט. ,,קריכסט מיר א, ק', ועסט כאַפּן אַן אָפּשניט!", רייד. ,,יעדערער דאַרף וויסן זײַן אָרט און ניט קריכן א, ק'", י. א. לייזעראָוויטש פֿונם אַלטן קוואַל, פּעטראָ, גראַד 1918. *ר ע ד ן א, ק, = רעדן מיט חוזק, אָפּשפּאָטן. רעדן איבער די ק ע פּ (פֿון עולם) = רעדן אַזוי אַז מע פֿאַרשטייט ניט.

*ש ט י י ן א, ק, = א) אונטעריאָגן; ב) בייזוויליק היטן. ,,שטיי מיר ניט א, ק', ווען איך אַרבעט,,, רייד.

איבערן קעשענע — ← איבער דער קעשענע.

איבּערן שיעור — אַדוו פֿראַזע. איבּער דער מאָס. „געבּילדעט און בּראַוו איבּער די מאָסן (א, ש״)„, אמד, איין הונד אַלס שדכן, ווילנע 1878.

איבּערנתנען — [...נאַסענען] טרוו. נתן איבּער, ~גענתנט. 1. געבּן מער וויפֿל מע דאַרף, וויפֿל עס קומט (אין פֿאַרשטעלטע רייד).

איבּערסאַדיסטיש

"וואָס דאַרפֿסטו אים א אַ קערבּל? קומט דיר

,

גרינג אָן אַ קערבּל?", רייד. 2. געבּן צו אַ צאָל (מיט עפּעס אַ כּוונה). א, אפֿשר הונדערט קערבּלעך צו די קנעפּלעך.

איבּערסאַדיסטיש — אַדי. זייער סאַדיסטיש. „דער אויספֿאָרשער איז ניט גלאַט אַ סאַדיסט. עך פּײַניקט מיט א'ע מעטאָדן", רייד.

איבּערסאַטיריש — אַדי. סאַטיריש איבּער דער מאָס. סאַרקאַסטיש. אַ בּייזע, אַן א'ע אָפּלאַכונג ־קייט.

.

איבּערסאָכניען — ־ניע איבּער, ~ געסאָכניעט. סל. אוטוו — 1. אײַנדאַרן, ווערן שטאַרק

מאָגער. א, נאָך אַ שווערער קראַנקייט. 2. אײַנטריקענען, אָנווערן זאפֿטיקייט. א, ווי אַ בוים,
-
געטראָפֿן פֿון אַ דונער. טרוו —
איבערטריקענען. א, דאָס ברויט.
איבערסאַלוטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)סאַלוטירט. באַגריסן, אָפּגעבן כּבֿוד אויף אַ מיליטערישן אופֿן נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל. א, אַלע אָפֿיצירן בעת דעם פּאַראַד. ווען מע האָט ניט גוט סאַלוטירט, האָט מען געדאַרפֿט א, ־ונג.
— .
איבערסאַליטרעווען — טרוו. ־רעווע איבער, ~(גע)סאַליטרעוועט. 1. צופּראַווען אַ מאכל מיט סאַליטרע, שטיינזאַלץ, איבער דער נייטיקער מאָס. א, און איבערפֿירן דאָס געפּעקלטע פֿלייש. 2. איבערדרייַבן מיט סאַליטרע.
איבערסאַפּען — אוטוו. ־פּע איבער, ~ געסאַפּעט. פּפּ: ~סאָפּען. אַ סך, אַ לענגערע צײַט סאַפּען, אָטעמען שווער און הויך. אַרויפֿקריכן אויף אַלע טרעפּ און א, עטלעכע מינוט. ־עניש.
איבערסאַקאָטשען — ־טשע איבער, ~ סאַקאָטשעט. אויך: ~סאָקאָטשען, ~

סאַקאָצען. אוטוו — 1. איבערקוואָקען. 2.
איבערפּלאַפּלען. א, ווען אַלץ אין דער וועלט.
טרוו — דזוו בּ2. א, די זעלבּיקע רכילותלעך.
I
איבּערסאַרגען — טרוו. ־גע איבּער, ~
געסאַרגעט. פּד. מאַכן שמוציק נאָכאַמאָל. א, ווי אַ
קוימענקערער דאָס פּנימל, די בּגדים. ־עניש.
איבּערסאַרווערן — ־ער איבּער, ~
געסאַרווערט. טרוו — דערלאַנגען צום טיש, בּאַדינען
נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל. א, די שפּײַזן צו די
געסט. אוטוו — סאַרווערן, זיך פּאָרען, לויפֿן
הין און צוריק (כּלומרשט עפּעס טוענדיק) אַ
לענגערע צײַט. א, ווי מחותּנים פֿון כּלהס צד.
איבּערסאָרטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~(גע)־
סאָרטירט. פּפֿ: ~סאָרטעווען. 1. דזוו
(אויס)סאָרטירן פֿאַר עטלעכע רובּל פֿלעגן די
.,,
ווערטער א, פֿאַר אונדז די מתים כּדי מיר
זאָלן דערקענען אַן אונדזערן", סעג, פֿון
רוסלאַנד..., וואַרשע 1920. "דאָ ווערן טויזנטער
רויע פֿעל איבּערגעסאָרטירט,,, די גאַרבּער־
שטימע, מאָסקווע 4 1924, No־5. 2. סאָרטירן
אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די קאָלעקציע. מיט
ז י ך. ־ונג.

איבּערסבֿיבֿהדיק — [...סוויווע...] אַדי. נעאָל. וואָס איז איבּער דער סבֿיבֿה, ניט־בּאַווירקט פֿון אַרום. „גריבּלען זיך אין די צײַט־ און סבֿיבֿה־אומשטאַנדן פֿון אַ קינסטלער...האָט אַ

74

זינען...אויף וויפֿל דאָס...העלפֿט אונדז צוקומען צו דאָס איבּערצײַטלעכע און א'ע", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ־יקייט.
איבּערסגעוואַ'לד — אַדוו. פֿד. דזוו איבּערגוואַ'לד. גיין ערגעץ א'. מסכּים זײַן צום שידוך א,.
איבּערסדרן — [...סיידערן, לד;...סאַדערן, פֿד] טרוו. סדר איבּער, ~געסדרט. 1. פּראַווען נאָכאַמאָל דעם סדר אויפֿן זעלבּיקן אופֿן. סדרן די ערשטע נאַכט בּײַם זון און א, די צווייטע נאַכט בּײַ דער טאָכטער. 2. איבּערשטעלן, איבּערלייגן אין אַן אַנדער אָרדענונג. א, די שטולן. א, די בּיכער, די כּתבֿ־ידן. „זי איז געקומען עפּעס איבּערשטעלן, א,, אײַנשטעלן אַן אייגענע בּאַלעבּאַטעשאַפֿט,,, יג, איק, 2 5 19 II.
אי'בערסובּיעקטי'וו — אַדי. בּיז גאָר,

זייער סוביעקטיוו. ניט פֿאַרלאָזלעך, ווײַל א'.
־קייט.
איבערסובסידירן — טרוו. ־דיר איבער,
~סובסידירט. געבן אַ סובסידיע מער ווי מע
דאַרף. א אַ געזעלשאַפֿט וואָס טוט גאָרניט.

,

־דנג.
איבערסובֿלען — [...סויוולען] טרוו. סובֿל
איבער, ~געסובֿלט. איבערלײַדן;
אַריבערטראָגן עפּעס וואָס איז אַן עול. ניט קענען מער א,
דעם יאָך פֿון פּרנסה. א, צרות פֿון שלעכטע
קינדער.
איבערסוגרן — [...סויגערן] טרוו. סוגר
איבער, ~געסוגרט. (אין פֿאַרשטעלטע רייד).
מאַכן אַ נײַעם שלאָס פֿאַרשליסן אויף אַ נײַעם

,

אופֿן. א, דעם קופֿערט מיטן זילבערוואַרג.
איבערסוד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע איבער, ~
געסוד(י)עט. סל. איבערמשפּטן. א, די דיעלע
אין אָקרוזשנעם סוד. מיט ז י ך — קזוו.
איבערסודען זיך — [...סוידען] קזוו. סודע
זיך איבער, זיך ~געסודעט. זאָגן עפּעס
איינער דעם צווייטן אויפֿן אויער. סודען זיך און
אויפֿהערן. „אָבער באַלד האָבן זיי זיך

איבערגעסודעט און איינער האָט זיך אָפּגערופֿן...", אַר, 'ערשטע ריי'. ־עניש.

איבערסוויטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~ געסוויטשעט. אוקר. 1. געבן אַן אַנדערע, אַ בעסערע בילדונג. אויפֿקלערן פֿונדאָסנײַ. א, די ישיבֿה־בחורים. 2. מאַכן איידעלער, וועלטישער, געניטער. א, אַ דאָרפֿסיונג. אויך מיט ז י ך.

איבערסוויניאַטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~געסוויניאַטשעט. (שפּאַסיק). איבערחזרן [ווש מיט ,סוויניאַ, = חזיר]. „צוליב דעם אַליין מוז מען א, דעם פּסוק נאָכאַמאָל,„ שע, ' פֿאַרביטן די יוצרות'.

איבערסווישטשען — טרוו. ־שטשע איבער, ~געסווישטשעט. רוסיצ. איבערפֿײַפֿן. א, דאָס לידל. ־עניש.

איבערסווענטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~געסווענטשעט. אויך: ~סוויענטשען, ~סוו(י)ענצען. איבערשפּריצן מיט געהייליקט וואַסער (ווען קריסטן). א, די פּויערטעס.

איבערס וײַען

איבערס הרן — ← איבערמוכרן.

איבערסומירן — טרוו. ־מיר איבער, ~(גע)־

סומירט נאָכאַמאָל אונטערציִען דעם סך־הכּל,
ד אַלגעמיינע סומע. א, די מזומן־קאָנטע.
י
־ונג.
איבּערסופֿלירן — טרוו. ־ליר איבּער, ~(גע)־
סופֿלירט. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער כּסדר
סופֿלירן, אונטערזאָגן. א, די רעפּליקעס. ־ונג.
איבּערסהרן — [...סאַכערן] טרוו. סחר איבּער,
~געסחרט. (מיט בּיטול). 1. איבּערקויפֿן. א,
פֿאַר אַ העכערן פּרײַז. 2. איבּערפֿאַרקויפֿן.
א, אָן רווח. ־ניש.
איבּערסטאַטקעווען — אוטוו. ־קעווע איבּער,
~געס אַטקעוועט. . זיך אויפֿפֿירן. מיט
שטאַט, זייער אײַנגעהאַלטן. זיצן ווי אַ
קאָטינקע און א, אַ גאַנצן אָוונט. 2. איר, לשון
סגינהור. איבּערטומלען. אַ לענגערע צײַט זיך
שלעכט אויפֿפֿירן. „ווען וועלן שוין דײַנע
קינדער א', ווערן קינדער, אויפֿהערן זײַן שדים?“,
דייד.
איבּערסטאָלירן — דזוו איבּערדיסטילירן
(←.), פֿטמ.
איבּערסטאַרטשן — טרוו. סטאַרטש איבּער,
~געסטאַרטשט. אַמ. אַרײַנטאָן, אַרײַנגעבּן צו
פֿיל סטאַרטש, קראָכמאַל (בּײַם וואַשן וועש).

א, וְי העמדער.
איבּערסטאַרטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע איבּער, ~געסטאַרטשעט. 1. איבּערשטאַרצן; אַרויסשטאַרצן איבּער אַן אַנדער זאַך וואָס הייבּט זיך אַרויס. דער יונג סטאַרטשעט איבּער (איבּער) זײַנע עלטערע בּרידער. א, ווי אַ תּיפֿלה. 2. פּד, בּלויז אוטוו. דזוו איבּערסטײַען (←).
„ס'וועט סטאַרטשען בּרויט אויף הײַנט? — ס'וועט א, אויך אויף מאָרגן„, רייד.
איבּערסטאַרײַען זיך — ← איבּערסטאַרען זיך.
איבּערסטאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך איבּער, זיך ~געסטאַרעט. בּאַמיִען זיך, פֿלײַסן זיך איבּער דער מאָס, שטאַרק אָנשטרענגען זיך. א, זיך נאָכן דורכפֿאַל בּײַ די עקזאַמענס. א, זיך פֿאַרן בּעל־הבּית און אַוועקפּטרן די מאַשין. ־עניש.
איבּערסטופּען — טרוו. ־פּע איבּער, ~געסטופּעט. איבּערקלאַפּן, איבּערשטויסן אין אַ סטופּע (הילצערנעם שטייסל). א, אויף מצהמעל דאָס גאַנצע פּעקל מצות.
איבּערסטוקען — ־קע איבּער, ~געסטוקעט. אוטוו — לײַכט קלאַפּן (סטוק־סטוק) אַ צאָל מאָל אויף (איבּער) עפּעס. א, אין (אויפֿן)

פֿענצטער. טרוו — ווידער אויסקלאַפּן עפּעס.
א, דעם מאַרש אויפֿן פּײַקל.
איבּערסטידען — טרוו. ־דע איבּער, ~
געסטידעט. אוקר (אין ייִדישע קאָלאָניעס). ווידער, אַנדערש מאַרקירן, אויסבּרענען אַ צייכן אויף אַ צאָל בּהמות. א אַלע קי אין שטאַל.

,
איבּערסטײַען — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
סטײַעט איבּער, ~געסטײַעט. זײַן געגוג, קלעקן פֿאַר אַ צאָל אויף אַ בּאַשטימטער צײַט.
פּראָוויאַנט וועט א, בּיז איבּער ווינטער.

איבּערסט ליזירן
איבּערסטיליזIירן — טרוו. ־זיר איבּער,
~(גע)סטיליזירט. סטיליזירן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די פֿאַראַיאָריקע היט. א, אַ פּיעסע. א, די יוגנט־לידער. ־ירונג. ־אַציע
— ,,די דאָזיקע נײַע א, פֿון אַלטע ווערטער...
אַלטע התפּעלותדיקע רייד,,, י , טמז, 6 1966 I.
איבּערסטעכעווען — טרוו. ־כעווע איבּער,
~געסטעכעוועט. אוקר. איבּערבּײַטן (אויך מיט אַן אָנצוהערעניש אַז עס האָט זיך ניט געלוינט). א, אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע.

איבֿערסטעמעווען — ← איבֿערשטעמעווען.
איבֿערסטעמפּלען, ־ליעווען — דזוו
איבֿערשטעמפּלען (←.).
איבֿערסטעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע איבֿער,
~געסטעמפּעוועט. 1. איבֿערפּאַרען.
דורכנעמען מיט פּאַרע. א, שטאָף פֿאַרן נייען. 2.
איבֿערריַיבֿן, איבֿערנעצן מיט אַ נאַסער שוואָם.
א, פֿאַרן פּרעסן.
איבֿערסטעריליזירן — טרוו. ־זיר איבֿער,
~סטעריליזירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ
סטעריליזירן. איבֿערקאָכן אין זודיק וואַסער. א,
די כירורגישע אינסטרומענטן. ־ונג.
איבֿערסטראַדײַען — דזוו אויססטראַדײַען
□.
איבֿערסטראַדען זיך — אוטוו. ־דע זיך
איבֿער, זיך ~געסטראַדעט. סל. אוקר. זיך
אָנשטרענגען איבֿער דער מאָס. נעבֿעך זיך א,
בײַם האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער אע.
איבֿערסטראַטשען — טרוו. ־טשע איבֿער,
~געסטראַטשעט. סל. 1. פֿאַרלירן, אָנווערן
איבֿער דער מאָס. א, די צײַט אויף גאָתישט.
א, כּוחות אויף פּוסטע זאַכן. 2. אויסגעבֿן
מער געלט ווי נייטיק. א, די פֿאַרדינסטן אויף
ראָסקאָש. אויו מיט ז י ך.

איבּערסטראָיען — טרוו. ־יע איבּער, ~
געסטראָיעט. אויך: ~סטרויען. סל. 1.
איבּערבּויען, גרינטלעך איבּעררעמאָנטירן. „שוין
גאָר אַן אַנדער שטוב, שוין גאָר
איבּערגעסטראָיעט,, פּמ. „האָט מען דעם בּרודערס...
שטוב אויו איבּערגעסטרויעט,,, חומן ישועות,
וואַרשע 1879. „אַז עס וואָלט קומען צו...א,
די גאַנצע וועלט, וואָלט איך זיך אויף די
ייִנגלעך און מיידלעך ניט פֿאַרלאָזן,,, סינאני,
ן' אונטערטעהניגע, זשענעוו 1904. אויו: א,
דעם פּלאַן. 2. אַריבּערבּרענגען אין אַן אַנדער
שטימונג. ווירקן אויף עמעצנס געדאַנקען און
דורכדעם אים איבּערשטעלן. א, עמעצן ער זאָל
ניט זײַן אין כּעס. א, דעם יונג, ער זאָל
אַרויסהעלפֿן אין דער געהיימער אַרבּעט. 3.
איבּערפּוצן, איבּערסטראָנצלען. א, די מויד אין
(מיט) אַ קרינאָלינע. 4. אײַנשטעלן,
איבּערשטעלן דעם טאָן (פֿון אַ מוזיקאַלישן
סטרונעאינסטרומענט). א, די פֿידלען ־עכץ ־עניש.

. .

איבּערסטראַכירן — טרוו. ־כיר איבּער,
~(גע)סטראַכירט. סטראַכירן פֿונדאָסנײַ,
פֿאַרזיכערן נאָכאַמאָל. א, פֿון (קעגן) פֿײַער. מיט
ז י ך. ־ונג.

איבער, ~געסטראָנצלט. אויך: ~סטראָצל
איבערסטראָנצלען
ען,
— טרוו. ־צל

975

~סטראָצן. איבערפּוצן (אויף אַ שרײַאיקן אופֿן). א, די דאַמען צום באַל. מיט ז י ך — א, זיך אויף געפֿעלן צו ווערן. א, זיך ווי אַן אויפֿגעקומענע נגידתטע. ־עניש.
איבערסטראַשען — טרוו. ־שע איבער, ~ געסטראַשעט. 1. איבערשרעקן. א, די קינדער מיט מעשׂיות וועגן מכשפֿות. *וועסט א, די גענדז = אָבער ניט מיך. 2. וואַרענען מיט אַ צאָל סטראַשונקעס. „ס'העלפֿט ניט דאָס א', ער טוט זיך דאָס זײַניקע„, רייד. ־עניש.
איבערסטריגעווען — טרוו. ־געווע איבער, ~געסטריגעוועט. סטריגעווען נאָכאַמאָל. ← אויססטריגעווען.
איבערסטרעכעווען — טרוו. ־כעווע איבער, ~געסטרעכעוועט. אוקר. געבן מער (בײַם אָפּמעסטן). א, די פֿלוימען בײַם מעסטן מיט אַן

עמער. א, אַן עמער מיט מער פֿלוימען.
איבערסיאַדען — טרוו. ־דע איבער, ~
געסיאַדעט. אויך: ~שיאַדען. סל. איבערזעצן
(עופֿות). א, די הינער אויף די נידעריקערע
לײַסטן.
איבערסיטנע — אַדי. (וועגן מעל, ברויט)
אינגאַנצן סיטנע, וואָס איז גוט דורכגעזיפּט פֿון

,

ריינעם קאָרן, אָן שום צומיש פֿון קלײַען.
איבערסילוקן — [...סילעקן] טרוו. סילוק
איבער, ~געסילוקט. צאָלן מער וויפֿל מע דאַרף.
א, אויף יעדן זעקל מעל אַ גריוונע.
איבערסילען — טרוו. ־לע איבער, ~
געסילעט. 1. אויפֿציִען, אַרויפֿטאָן עפּעס אויף
אַ פֿאָדעם, אַ שנירל, נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א,
די פּערל אויף אַ נײַ שנירל. 2. אַרײַנציִען
אַ נײַ פֿאָדעם אין לעכל (אויג) פֿון אַ נאָדל.
א אַ נאָדל.

,

איבערסימפּאַטיזירן — אוטוו. ־זיר איבער,
~סימפּאַטיזירט. 1. סימפּאַטיזירן מיט אַ צאָל.
א, מיט אַלעמען, מיט אַלע באַמיאונגען.
2. אַרויסווײַזן סימפּאַטיע איבער דער מאָס.
איבערסינקעווען — טרוו. ־קעווע איבער,

~געסינקעוועט. 1. איבערשווענקען (וועש)
אין וואַסער, פֿאַרמישט מיט סינקע, בלויעכץ.
א, דאָס גאַנצע געוועש. 2. אַרײַנגעבן צו פֿיל
סינקע. א, און קריגן וועש מיט בלויע פֿלעקן.
איבערסיסטעמאַטיזירן — טרוו. ־זיר
איבער, ~סיסטעמאַטיזירט. סיסטעמאַטיזירן
פֿונדאָסנײַ, אײַנשטעלן אַן אַנדער סיסטעם. א, די
זאַמלונג, די קאַרטאָטעק א״נ. ־ונג.
איבערסירקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געסירקעט. פֿפֿ: ~סערקען. איבערשמירן מיט
שוועבל (בײַם רייניקן). א, אַ קלייד און
דערנאָך באַצאָלן פֿאַר דעם.
איבערסך־הכלען — [...סאַכ(ה)אַקלען] טרוו.
סך־הכל איבער, ~געסך־הכלט. נאָכאַמאָל מאַכן
אַ סך־הכל. איבעררעכענען די אַלגעמיינע סומע.
א, דעם חשבון. א, וואָס מע האָט אויפֿגעטאָן.
־ונג.
איבערסלוזשען— אַקוזוו. ־זשע איבער, ~
געסלוזשעט. סל. איבערדינען (אין מיליטער)
די גאַנצע צײַט, אין אַ סך ערטער, אין

□ - □

שיידענע סאָרטן מיליטער. א, אין טיף ראַסיי.
א, אין אינפֿאַנטעריע און אַרטילעריע. א, בײַ
כּלערליי מאַדאַמען, אין פֿאַרשיידענע
אוטשרעזשדעניעס.

איבּערסליההן — □..סליכען] טרוו. סליחה
איבּער, ~געסליחהט. איבּערבּרענגען,
איבּערשיקן עפּעס וואָס איז ניט־כּשר (קאָנטדאַבּאַנד,
גניבֿה) אויף אַ צווייט אָרט. א, אַ געגנבֿעט
פֿערד אין אַן אַנדער מקום.

איבּערסלינ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע איבּער,
~געסלינ(י)עט. איבּעררינען (וועגן שפּײַעכץ).
עס סלינעט אים איבּער איבּער דער בּאָרד.

איבּערסל(י)עדעווען — טרוו. ־דעווע איבּער,
~געסל(י)עדעוועט. סל. אויספֿאָרשן נאָכאַמאָל
אַ געריכט־ענין. בּעטן א, צו געפֿינען דעם
בּאמת־שולדיקן.

איבּערסמאָטשקען — טרוו. ־קע
איבּער, ~געסמאָטשקעט. אויך: ~סמאָצקעז,
~ססאָקטשען, ~סמאָקצען. נאָכאַמאָל,
ווידער, אַ לענגערע צײַט אָדער אַ צאָל
אויסזייגן מיט אַ געהילך. א, אַלע מאַרכבּיינער.

־עניש.

איבּערסמאַליען — טרוו. ־ליע איבּע ~ געסמאַליעט. 1. איבּערזענגען, איבּערבּרענען עפּעס לײַכט פֿון אויבּנאויף. א. די אָבּדירקעס, די געקוילעטע הינער אע. 2. פּרעגלען איבּער דער מאָס. א. די כרעמזלעך.

איבּערסמאַקעווען — טרוו. ־קעווע איבּער, ~געסמאַקעוועט. טועם זײַן, פֿאַרזוכן (עסן) און האָבּן הנאה פֿון אַ צאָל מאכלים. א. אַלע געריכטן. מיט זיך — א. זיך מיט די צובּײַסעכצן, מיטן קאָמיקער.

איבּערסמאָרען — ־רע איבּער, ~געסמאָרעט. טרוו — איבּערשמירן, איבּערפּאַטשקען. א. אַ בּגד מיט שפּײַעכץ, מיט פֿעטס. א. די קאַפּאָטע. אוטוו — הילכיק אַרײַנציִען לופֿט מיט דער נאָז. א. מיט דער נאָז אַנשטאָט צו ענטפֿערן. —עכץ. ־עניש.

איבּערסמאַרקען — טרוו. ־קע איבּער, ~ געסמאַרקעט. פּפֿ: ~סמאָרקעז. איבּערשמירן, איבּערבּרודיקן, איבּערפּאַטשקען (מיט שפּײַעכץ, אויסשיידונג פֿון נאָז, מיט פֿעטס און שמוציקס). א. די קאַפּאָטע. א. זיך פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס. ־עכץ. ־עניש.

איבּערסמיל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע

איבער, ~געסמיל(י)עוועט. איבערשמירן מיט אַ
שיכט פֿון וואַקס. מיט ז י ו — זיך
צונויפֿקנוילן, זיך צונויפֿקנעטן ווי וואַקס. „די
פֿעדעמער [פֿון שפּינוועבס] האָבן זיך
איבערגעסמיליעוועט און...צעגאַנגען אויף דער האַנט„, א.
קאַהאַן, אַהרן ליבערמאַן, קיִעוו 1935.
איבערסמיקען — אוטוו. ־קע איבער, ~
געסמיקעט. אַריבערפֿירן מיטן סמיטשיק איבער
סטרונעס. א, עטלעכע מאָל בײַם אָנסטראָיען
די כּלים. ־עניש.
איבערסמען — [...סאַמען] טרוו. סם איבער,
~געסמט. סמען אַ צאָל. א, אַלע פּרײַסלעך,
מײַז. ־ונג.

איבערסנײַ

איבערסנײַ, — אַדוו. נאָכאַמאָל. דזוו
איבעראַנײַס, איבערדאָסנײַ פֿונדאָסנײַ. „זיי האָבן די

'

60 רובל זייער שיין צוגענומען און האָבן
זיך גענומען א, צום שלאָגן“, ויִפּאָל, 1882,
.No 4
איבערסעכנען — דזוו איבערסאָכניען ←.
איבערסעלעקציאָנירן — טרוו. ־ניר איבער,

~סעלעקציאָנירט. (אין דער חורבן־תּקופֿה)
ווידער, נאָכאַמאָל דורכפֿירן אַ סעלעקציע. א,
די וואָס האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן
און זיי אויך שיקן אין אויוון.

איבערסעמערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געסעמערט. איבערשטעלן (סחורה) אויף אַ
געשטעל. א, דאָס בידנע ביסל סחורה.

אי'בערסענסיטי'וו — אַדי□ 1. ביז גאָר,
זייער סענסיטיוו. אַן א'ער קינסטלער. 2.
סענ□יטיוו איבער דער מאָס. „ייִדישע לײַדן האָבן
אונדז געמאַכט א''", וו. גראָסמאַן, פֿאַש,
15 IX 1965. ־קייט — „צוליב זייער א,
ווײַזן זיי אַרויס אַ זייער איבערגעטריבענע
שטעלונג צו זיך און צו אַנדערע ייִדן", לל,
איק, ר"ה תּשכ„א.

איבערסעקורירן — טרוו. ־ריר איבער,
~(גע)סעקורירט. דזוו איבערסטראַכירן ←.
־ונג.

איבערסעקטאַנטיש — אַדי. וואָס איז
העכער, מער ווי אַ סעקטע; וואָס איז ניט
אָפּגעגרענעצט פֿאַר (מיט) די אינטערעסן פֿון
איין גרופּע, קלײַזל. „מיר שטרעבן צו אַן
איבערפּאַרטייאישער, א'ער ייִדישער
דערציאונג", ימ, אונדזער שול, מעקסיקע 1948.

2. וואָס איז סעקטאַנטיש איבער דער מאָס; וואָס לעבט מיט די אינטערעסן בלויז פֿון איין אָפּגעשלאָסענער גרופּע. א, ווי אַ פּרימיטיווער פּאַרטיימאַן. ־קייט.

איבערסערווירן — טרוו. ־וויר איבער, ~(גע)־סערווירט. נאָכאַמאָל אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן סערווירן. א, די פֿרוכטן אויך נאָכן עסן. א, דעם באַלעם בײַם שפּילן טעניס. ־ונג.

איבערספּאַזמירן — אוטוו. ־מיר איבער, ~(גע)ספּאַזמירט. אַ לענגערע צײַט ספּאַזמירן. א, ווי אַן עפּילעפּטיקער ־ונג.

.

איבערספּאָרטלען — טרוו. נעאַל. ־טל איבער, ~געספּאָרטלט. איבערטרעפֿן, איבערשטײַגן אין אַ ספּאָרט־פֿאַרמעסט. זיך פֿאַרמעסטן מיטן גימנאַסטיק־לערער און אים א'.

איבערספּאָרען — טרוו. ־רע איבער, ~ געספּאָרעט. סל. איבערשטאַרקן עמעצן אין אַ גערייד, וויכּוח, קריגערײַ. „לאָז אים געמאַך, אים ועסטו ניט א',„ רייד.

איבערספּעציאַליזירן — טרוו. ־זיר איבער, ~ספּעציאַליזירט. אַריבערפֿירן אויף אַן אַנדער ספּעציאַליטעט, גוט אויסלערנען עמעצן אַן אַנדער פֿאַך. א, די אַרבעטלאָזע. מיט ז י ך

— זיך א, און ווערן אַן עלעקטראָטעכניקער.
איבערספּעקולירן — אוטוו. ־ליר איבער,
~(גע)ספּעקולירט. צו פֿיל ספּעקולירן. א,
מיט פֿראַנקען. א, אויף דער בערזע. מיט

9,

ז י ך — זיך א, און אַלץ אָנווערן. א, זיך
און אַרײַנפֿאַלן. —ונג.
איבערסקאַלייען — אוטוו & טרוו. ־לייע
איבער, ~געסקאַלייעט. סל. איבערפֿרירן. א,
די ביינער אַפֿילו.
איבערסקאַליעטשען — דזוו
איבערקאַליעטשען ←.
איבערסקאַלען — טרוו. ־לע איבער, ~
געסקאַלעט. סל. איבערשפּאַלטן. א, עטלעכע דינע
ברעטלעך אויף קינעלעך.
איבערסקאָ'פּ — אַדוו. פּד. פֿטמ. איבערן
קאָפּ. אויף דעם קאָפּ, העכער פֿון דעם קאָפּ.
„אַז מען איז שולדיק דעם קירזשנער פֿאַר
אַ היטל, איז מען אַ בעל־חובֿ א'" פֿוול.

איבערסקוטשנע — אַדי. סל. ביז גאָר,
זייער סקוטשנע, אומעטיק, נודנע. „אין דער

היים איז סקוטשנע, בײַ זיי איז א'“, רייד.
איבערסקיצירן — טרוו. ־ציר איבער, ~(גע)־
סקיצירט. סקיצירן אויף אַן אַנדער אופֿן. ←
אויססקיצירן. ־ונג.
איבערסקלעפּעווען — טרוו. ־פּעווע איבער,
~געסקלעפּעוועט. איבערלייטן; צונויפֿלייטן
אַנדערש, בעסער. א, די אײַזנדלעך.
איבערסקעפּטיש — אַדי. ביז גאָר, זייער
סקעפּטיש. אַן א'ער וואָס טאַפּט זיך כּסדר די
נאָז, צי איז זי נאָך אויף אַן אָרט.
איבערסקראָבען — טרוו. ־בע איבער, ~
געסקראָבעט. 1. איבערקראַצן. א, די טעפּ, די
פֿאַן אע. ווידער א', עס זאָל ווערן אינגאַנצן
ריין. 2. נאָכאַמאָל (אונטער)סקראָבען (← ב2).
„די הייבאַם האָט געמאַכט אַ סקראָבאַנקע,
ס'האָט ניט גענומען. האָט אַ דאָקטער
געדאַרפֿט א'„, רייד. ־עניש.
איבערסקריפּען — אוטוו. ־פּע איבער, ~
געסקריפּעט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל אָדער אַ
לענגערע צײַט סקריפּען. א, אויף אַ פֿידל כּסדר
די זעלביקע מעלאָדיע. א, מיט די שיך. 2.
סקריפּען שטאַרקער ווי אַן אַנדערער (אַנדערע). א,
די איבעריקע גרילצנדיקע שטימען. ־עניש.
איבערסרהנען — [...סאַרכענען] אוטוו & טרוו.

סרחן איבער, ~געסרחנט. אויך: ~סרהען.
(גראָבּ) איבּערשטינקען. שטאַרק פאַרשטינקען.
סרחנט איבּער אַז מע מוז אַנטלויפֿן פוֹן אים.
א, די שטיבּער.
איבּערסרסרן — [...סאַרסערן] טרוו. סרסר
איבּער, ~געסרסרט. איבּערמעקלערן. א,
עטלעכע געשעפטן. א, אימעניעס.
איבּערעגבּערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געעגבּערט. איבּערבּויערן, איבּערדרילן. בּרייטער
א', מע זאָל קענען אַרײַנקלאַפּן די קלינעס.
־ונג.
איבּערעגונהן — [...אַגונען] אוטוו. אי , אימפּ
נבּ; ~געעגונהט. זײַן, בּלײַבּן אַן עגונה אַ
לענגערע צײַט. „ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן
אויף איר, ווייסט מען שוין אַז זי וועט א,
דאָס גאַנצע לעבּן„, רייד.
איבּערעדוקירן — טרוו. ־קיר איבּער, ~

עדואיבּערענדיקן

קירט. איבּערדערציִען. אַ דור וואָס מע דאַרף
אַז.ם א'.
איבּערעדותן זיך — [...איידעסן] אוטוו. עדות
זיך איבּער, זיך ~געעדותט. אָנווײַזן אויף אַ

צאָל ווי אויף ערות; זוכן באַשטעטיקונג דורך
אַ צאָל זאַכן, געשעעניש. א, זיך מיט די
וואָס זײַנען געווען דערבײַ און אויך מיט
אַזעלכע וואָס האָבן עס גאָרניט געזען. א, זיך מיט
כּלומרשטע פֿאַקטן. זן אויך אָן זיך.
איבערעוולהן — [...אַוולען] אוטוו. עוול(ה)
איבער, ~געעוול(ה)ט. טאָן אַ סך עוולות, אַ
לענגערע צײַט. שווער אויסצורעכענען ווען ער
האָט אַלץ איבערגעעוולט.
איבערעוסקן זיך — [...אויסעקן] ←
איבערעסקן זיך.
איבערעיפּושן — [...אי'פּעשן] אוטוו & טרוו.
עיפּוש איבער, ~געעיפּושט. אָנשטינקען אַ
צאָל מאָל, אין אַ צאָל ערטער. פֿאַרשפּרייטן
פֿונדאָסנײַ אַ זייער שלעכטן ריח. א, (אין)
די שטיבער.
איבערעכט — אַדי. ביז גאָר, אַבסאָלוט עכט.
די בעסטע, די א'ע מאַטעריאַלן. אַן א'ער
כאַראַקטער ־קייט.

.

איבערעלטערן — ־ער איבער, ~געעלטערט.
טרוו — האַלטן (אָדער מאַכן) עס זאָל ווערן
עלטער. „ס'איז אַ יונג הינדל. טראָג עס ניט
צום שוחט, לאָז עס אַ ביסל א'", רייד. א, די

ווינטערעפּל זיי זאָלן זײַן ניט אַזוי האַרט.
אוטוו פֿארבּרענגען די עלטערע אָדער אַלטע
-

--

יאָרן. א, בײַ דער טאָכטער. מיט ז י ך. ־ונג.
איבּערעלנט — אַדי. בּיז גאָר, זייער עלנט.
א', אָן אַ קינד און אָן אַ רינד. בּלײַבּן אויף
דער וועלט א', נאָר מיט דער זינדיקער נשמה.
איבּערעלעגאַנט — אַדי. בּיז גאָר, זייער
(איבּערגעטריבּן) עלעגאַנט. פֿאַרפּוצט. זײַן
אָנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק, א'.
איבּערעמאַלירן — טרוו. ־ליר איבּער, ~
עמאַלירט. איבּערציִען, איבּערשמירן מיט עמאַל
און עס איבּערבּאַקן, איבּערבּרענען אין אַ
ספּעציעלן אויוון. א, אַלע שילדעלעך.
איבּערעמאַנסיפּירן — טרוו. ־פּיר איבּער,
~עמאַנסיפּירט. פּפֿ: ~עמאַנציפּירן.
פֿונדאָסנײַ עמאַנסיפּירן, בּאַפֿרײַען, געבּן גלײַכע
רעכט. נאָך די יאָרן פֿון רעאַקציע האָט מען
געדאַרפֿט א, די מינאָריטעטן.
איבּערעמפֿינדלעך — אַדי. דטשמ. נר.
איבּערסענסיטיוו. שטאַרק־פֿילעווּדיק, שפּירעוודיק
איבּער דער מאָס. וואָס רעאַגירט שלעכט אויף
אַזוינס וואָס איז ניט שעדלעך פֿאַר אַנדערע.

,,אַזאַ סכיצאָטימיקער פֿילט זיך שוין באַליידיקט
[פֿון אַ וויץ], ווײַל ער איז שפּירעווודיק (א') ,
פֿגעז, 12 1949, No ־קייט — ,,מאַנכע
מענ.
טשן באַקומען אַ קראָפּיוקע נאָך געוויסע
שפּײַזן...דאָס איז אַ באַזונדערע א, וואָס מע רופֿט
,אידיאָסינקראַזיע"“, פֿגעז, ווילנע 8 1927, No.
איבּערענדיקן — טרוו. ־דיק איבּער, ~
געענדיקט. דזוו פֿאַרענדיקן (ווען עס רעדט זיך
וועגן אַ צאָל זאַכן). גיכער א, דאָס דורכקוקן
די העפֿטן און זיי אָפּגעבּן די תּלמידים. ־ונג.

איבּערענדערונג

איבּערענדערתג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבּערענדערן. איבּעראַנדערשונג,
איבּערגעשטאַלטונג. אַן א,, אַ מעטאַמאָרפֿאָז(ע).
,,גאָרנישט געריכט זיך, אַז אָט פֿון דער
קלייניקייט...קען קומען אַזאַ גרויסע א'“, ווײַס I ,
,ווי דער גורל פֿירט'. ,,דער נס פֿון א', דער
נס אַז פֿון חיה זאָל ווערן מענטש איז ניט
געשען,,, שנ, ה. לייוויק.
איבּערענדערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געענדערט. איבּערבּײַטן, איבּעראַנדערשן (עמעצן,

עפּעס). איבערמאַכן. א, אַ מאַרשרוט, אַ סצענע.
„[אי־] א, קאָן איך ניט, וואָרעם ער איז אַ גרויסער עקשן„, ש. בעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1884. „זי איז...איבערגעענדערט געוואָרן דורו איר פּאָטערס רייד„, אַבֿרהם יצחק בוכבינדער, דער בלומען־גאָרטן, ווילנע 1885. „אַפֿילו ביי אַ גרינגער מצווה...נישט עובֿר זײַן אַפֿילו נאָר איבערצוענדערן אַ רימעט פֿון אַ שוך„, א. שפּערלינג, ליקוטים II (טעמי המנהגים), לעמבערג תּרס״ט. „יעדער נײַע אײַנפֿירונג קומט לײַכט אָן, און נאָר דורך אַ שווערן קאַמף קאָן דאָס אַלטע איבערגעענדערט ווערן“, יע, דאַוונען, וואַרשע תּרע״ח. „זיך פֿאַרמאָסטן אין דעם דאָן־קיכאָטישן פֿאַרזוך איבערצוענדערן אַמעריקע“, בצג, 17 X 1965. מיט ז י ך — „צי האָט מײַן איך געקאָנט זיך א, אין פֿאַרלויף פֿון איין יאָר?„, א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. ־ניש.
איבערענטוזיאַסטיש — אַדי. ביז גאָר, זייער ענטוזיאַסטיש. אַ באַגײַסטערטער, אַ התלהבֿותדיקער, אַן א'ער אויפֿנעם, אָפּרוף אאַ. ־קייט.
איבערע'נ(ט)פֿערט — אַדי, פּאַר ← זווו.
אַרכ. איבערגעענטפֿערט. איבערגעגעבן. מ־t

פֿאַרטײַטשט 'נתונים נתונים המה, (במדבר, ג, 9): „איבער ענטפֿערט צו דער עבֿודה„..
איבערענ(ט)פֿערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געענ(ט)פֿערט. [אין כלל־שפּראַך פֿאַרשפּרייט די פֿאָרעם מיט ט, אָן ט — פֿטמ.] 1. איבערגעבן עפּעס אָדער עמעצן אין אַ צווייטנס רשות (צו באַוואַכן, היטן). ▫ב פֿאַרטײַטשט 'מסירה, — „איבער ענטפֿרט„. שווב פֿאַרטײַטשט 'מסר, — איבער ענפֿרן. „גאָט איבער ענטפֿרט [אַרכ: איבערע'נטפֿערן] איטליכי אומה צו איינם מלאך, דער וואו זיא פֿירן אונ, רעגירן טוט“, אַריה ליב בר, יהודה זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. „ער האָט די סחורה איבערגעענפֿערט צום עובֿד־כּוכבֿים אום ערבֿ שבת“, לט2, נח/א. „האָט ער מיך...איבערגעענטפֿערט פֿון בעל־עגלה צו בעל־עגלה“, ייִל, 'דער וואָרעם אין כריין', [פֿאָלקס־ביבליאָטעק I]. „דער משולח האַלט אַ דרשה און נעמט...צו אַ דרײַער, טאַקע דעם דרײַער וואָס דער רבונו־של־עולם האָט איבערגעענפֿערט דעם...צדיק“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „האָט די צוויי גילדן איבערגעענטפֿערט אין אירע הענט אַרײַן“, אַש, די מוטער.
2. איבערגעבן אַ צווייטן עפּעס דורכצופֿירן.

,,ווער עשׂ זײַן משפּט איבּר ענטפֿרט צו הש,,י
אַז זאָל זײַן חבֿר זײַנט וועגן שטראָפֿן...,,,,
עיון, מד/ב. ,,די דינים ווערן איבּערגעענטפֿערט

ם'ם

אין זייערע הענט, און נאָך מער — זיי
פֿאַרקערן דעם מידת־הדין צו מידת־הרחמים“, קה.
,,צו די הייליקע בּוהנים האָסטו די עבֿודה
איבּערגעענטפֿערט“, יוצר ליו“כ, פּיעטריקאָוו
.1885
3. אָנפֿאַרטרויען, אָנגעטרויען עפּעס (צו)
עמעצן. ,,זי זאָגט אבּר: מײַן נשמה האבּי איך
איבּר ענטפֿערט צו גאָט, בּרענגט מיך נור אום,,,
מעע)ה אומן. ,,גאָט אַלמאַכטיגר, דא איבּר ענפֿר
איך דיך מײַן לײַבּ אונ מײַן זײַל אין האַנד
דײַן הייליגן נאמן“, תּחנות ובֿקשות, דיהרנפֿורט
1798 [איבּערדרוק ווילנע 1858]. ,,השם־יתבּרך
האָט איבּערגעענפֿערט די ישׂראל די תּורה, מע
זאָל זי מקיים זײַן“, חה, בּ, רעז. ,,ענטפֿערט
ער איבּער זײַן נשמה צום בּורא עולם“, פּרץ,
,מלווה מלכּה'. ,,און די דאַרע ציטערדיקע
גופֿים איבּערענפֿערט...אין די טרײַע אָרעמס
מײַנע,,, אורי־צבֿי גרינבּערג, פֿאַרנאַכטנגאָלד. “מיר

קאָנען זיך צו געטלעכקייטן א', פֿאַרטרויען“, בּראַד, גש. „דעם פּאַסטעך איז אַ סטאַדע איבּערגעגעבן/איבּערגעענטפֿערט געוואָרן„, מבּ, ,פּאַסטעך דוד„.

4. איבּערליווערן, איבּערגעבּן אַ מסורה (פֿירונג, טראַדיציע). „ער איז ממונה אונ, געזעצט על כּל רזין וסודות עליונים דיא דא וועריך איבּר ענפֿרט מפּה לפּה“, נצ1, י/ב. „[די תּור□] דיא הקבּ“ה האָט געבּן אַן משה רבּינו, אונ משה האָט זיא איבּר ענטפֿרט יהושוע, אונ יהושוע האָט זיא איבּר ענטפֿרט דען זקנים“, לט1, קלג/ב. „די מסורה, ווי די תּורה, איז צו אונדז איבּערגעענפֿערט געוואָרן מיט אירע געציילטע אותיות, איז אַ צוים צו דער תּורה“, חסדי אָבֿות. „די חכמה איז איבּערגעענפֿערט צו איין מענטש פֿון דעם אַנדערן“, חה. „אים איז איבּערגעגעבּן געוואָרן די מסורה, אַזוי ווי זי איז איבּערגעענטפֿערט געוואָרן פֿון דור צו דור, בּיז די אָבֿות פֿון די שבֿטים“, אַש, מש□ן.

5. אַרויסגעבּן, אויסליווערן עמעצן צום שׂונא, צו דער מאַכט אע (יענער צד זאָל קענען טאָן שלעכטס דעם (צום) אַרויסגעגעבּנעם). א, אין די הענט פֿון פּאָליציי. א, צו דער

געסטאַפּאָ. „זאָלסט ניט א, ['לא תסגיר] אַ קנעכט
צו זײַן האַר, אַז ער וועט זיך ראַטעווען צו
דיר פֿון זײַן האַר“, תּי, דבֿרים, כג, 16. „און
אַז דער בלוטמאָנער וועט אים נאָכיאָגן זאָלן
זיי ניט א, דעם טויטשלעגער אין זײַן האַנט,
וואָרום אָן אַ כּיוון האָט ער דערשלאָגן זײַן
חבֿר„, תּי, יהושע, כ, 5. “דער העכסטער גאָט
וואָס האָט איבערגעענטפֿערט ['מגן'] דײַנע פֿײַנט
אין דײַן האַנט„, תּי, בראשית, יד, 20. „גאָט
האָט אים איבערגעענטפֿערט ['נכּר אותו'] אין
מײַן האַנט„, תּי, שמואל א, כג, 7. “אין זעלכי
אומות הענט האב איך דיך איבר ענטפֿרט“,
סהמ, יחזקאל, טז, 27. „אַלזאָ פֿירט זיי דער
שד ביז אַן דער טיר פֿון גיהנום און איבר
ענטפֿערט זײַן היפּש ווײַב דען שדים“, מבֿ
[אַוו]. “ער מיט זײַנע קינדער זײַנען
איבערגעענטפֿערט געוואָרן אין דער האַנט פֿון דעם
שׂטן„, קה. “טעטן תּפֿילה דאָס גאָט דעם
יצר־הרע זאָל זיי א'“, הרבֿ אַבֿרהם עפּשטיין,
ברך אבֿרהם, לאַשטשעוו 1817. „און ער האָט
איבערגעענטפֿערט זייער פֿיך צום האָגל און

איבערעסן זיך

זייער לעבן צו די שדים,,, מחזור מן שלש רגליס, ח״ב, טשערנאָוויץ תר״ח. ,,איך וועל דיך איבערענפֿערן צו די וואָס פֿאַרגיסן בלוט מיט צאָרן און גרימצאָרן״, ספֿר יחזקאל, וואַרשע 1873. ,,דער בית־דין וועט מיך א, צום תּליון״, זשיט I, נ,,י 1912.

6. איַינשטעלן דאָס לעבן, מוסר נפֿש זיַין (זיך). ,,'ונמסור נפֿשותינו אליו, — און מיר זאָלן א, אונדזערע לייַבער פֿון זיַינט וועגן,,, וה.

7. אויך אוטוו. ענטפֿערן נאָכאַמאָל, אַנדערש. א, אויף דער אַנקעטע.

מיט ז י ך — 1. א, זיך צו עמעצן, צו עפּעס. אינגאַנצן זיו אָפּגעבן צו איין באַשטימטן ענין, אינטערעס. א, זיך דעם אידעאַל. ,,נעכעלע...גייט אַרום אינגאַנצן נאַקעט און אין די אויגן פֿון אַלע פֿאַרזאַמלטע און פֿון איר מאַן ענטפֿערט זי זיך איבער צו אַ בעל־עגלה,,, באַש, דער טן אין גאָרטן. 2. ווערן באַהערשט פֿון עפּעס. ,,איך האָב זיך אינגאַנצן איבערגעענטפֿערט צום געפֿיל,,, נאַד ־ונג — ,, יידן]

.

שיידן זיך אָפּ מחמת דעם איבערענפֿערונג פֿון

דער תּורה,,, חה, ב, רעז. ־ניש. ־ער (־ין).
איבּערענערגיש — אַדי. בּיז גאָר, זייער
ענערגיש. אַן א'ער טוער. א, זיך נעמען צו
עפּעס. ־קייט.
איבּערענציק — אַדי. אַרכ. ־ M d: be
ee n2 . איבּעריק, איבּעריק־געבּליבּן. ,,דא גינג
אויז בּרע, דער קיניג פֿון סדום אונ, די
איבּרענציגן זײַנר מאַנין די בּײַא אים וואַרן אויז
דען לאמין גרובּין וואו זי וואַרין דרײַן
גיפֿאַלין", ספֿר תּם וישר, הענא 1718, יט/א.
איבּערעסן — טרוו. עס איבּער, ~געגעסן.
1. עסן אַ סך, אויפֿעסן אַ צאָל. ,,וויפֿל
אינדיקעס מיר האָבּן שוין איבּערגעגעסן,,, רייד.
,,[דער וואָלף זאָגט:] איך האָבּ שוין
איבּערגעגעסן אַזוי פֿיל פֿון אַלע לעבּעדיקע
בּאַשעפֿענישן,,, ה. אַקערמאַן, טמז, 2 .9 1965 X.
איבּערשטאַרקן, גובֿר זײַן מיט עסן. א אַ קרענק
,
= מיט אַ סך עסן, אַפֿילו ווען עס ווילט זיך
ניט, אויסהיילן אַ חולאת. 3. דזוו איבּערעסן
זיך. ← דוווו. ,,ווען מן אבּר (אַפֿיקומן) עשׂט
איבּר... — דר...האָט נאָך איין (עונש)", עפּש,
סידור תּפֿילות, אַמשט תּק"ח. 4.
איבּערגריזשען. איבּערפֿרעסן. איבּערזשאַווערן. אויסעסן

אַ צאָל. ראָסט קען אַ, דעם שטאַרקסטן אײַזן.
מאָ(י)ל וועט אַ, די פּעלצן.
איבּערעסן זיך — ← דפֿוו. 1. עסן צו
פֿיל, מער ווי מע דאַרף. זיך אַ, מיט קניידלעך.
"בּעסער ניט דערעסן ווי אַ, זיך", שוו פֿון
„
אַ, (זיך) כאָליעט מען מער ווי פֿון ניט
דערעסן„, שוו. „איינער ווערט קראַנק פֿון אַ, זיך,
דער אַנדערער פֿון ניט דערעסן", ש וו. „האָסטו
אָנגעטראָפֿן האָניק, עס וויפֿל דיר גענוג איז;
אַז דו וועסט זיך אַ, מ י ט אים, וועסטו אים
צוריק אויסמייקען„, מס, משלי תקע"ד, כה,
16. „מע זאָל זיי געווען צולאָזן אַזוי גיך
צום עסן, העטן זיי זיך אַלע געווען
איבּערגעגעסן, און העטן געווען אַלע ראַפּטעם
געשטאָרבּן„, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח,
בּאַרדיטשעוו 1817. „אַ קאַרגער האָט אַמאָל

פֿאַראיבּערעסקן זיך

געסן און האָט זיך גאַנץ שטאַרק
איבּערגעגעסן", עט, לידער. „איינמאָל האָבּן זיי זיך
שבּת אַזוי איבּערגעגעסן אויף אַ סעודת־מצווה,
אַז עס האָט זיי פֿאַרשאַט", פּרץ, אַ קשיא

,

- ▯

אויף יענע לײַט'. *זיך א, מיט אַפּיקומנס =
ווערן אַלט.

2 פּיג. באַקומען פּון עפּעס צו פּיל, איבער
.
דער מאָס. ,,דער קיסר און זײַנע בעלי־עצות
וועלן שוין זען, אַז דאָס פֿאָלק זאָל זיך ניט
א, מיט פֿרײַהייט'', ב. ב־קי, וואָס איז אַ
קאָנסטיטואירנדע פֿערזאַמלונג, זשענעוו 1905. ''די
יענקעס, האָבן זיך שוין איבערגעגעסן מיט.
אימיגראַנטן און זיי קוקן שוין קרום אויף
די אײַנוואַנדערער,,, רעד, משה פּראָסטיג,
יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע,,ב, לעמבערג 1911.
,,אַז איר וועט אײַך א, מיט עצבֿות...דעמאָלט
דאַרף איך, בדחן, אײַך משׂמח זײַן'', פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. א, זיך מיט צו פּיל
קולטור. *זיך א, מיט עמעצן = אים מער
ניט קענען אויסשטיין. *א, זיך דאָס האַרץ =
האָבן אַ סך עגמת־נפֿש. ־עניש. ־ער
(־ין, ־קע).

איבערעסקן זיך — [...איי'סעקן] אוטוו. עסק

זיך איבער, זיך ~געעסקט. האָבן עסקים, האָבן צו טאָן מיט אַ צאָל מענטשן אָדער אַ צאָל געשעפֿטן, ענינים. א, זיך מיט קהלשע ענינים.

איבערעסענען — טרוו. עפֿן איבער, ~ געעפֿנט. 1. ווידער פֿונדאָסנײַ עפֿענען. א, דאָס
,
פֿעקל און ווידער קאָנטראָלירן. 2. עפֿענען אַ צאָל. א אַלע בריוו און זוכן דעם
פֿאַלש,
אַדרעסירטן. א אַ סך געשעפֿטן.
,

-

איבערעצהן — [...אייצען] עצה איבער, ~ געעצהט. אוטוו — עצהן אַנדערש (ווי מע האָט אַליין גערעכנט צו טאָן אָדער ווי אַנדערע האָבן געעצהט). א, עמעצן [דאַטיוו] ניט צו פֿאָרן, ווען יענער קלײַבט זיך שוין אין וועג אַרײַן.

טרוו — באַזיגן, גובֿר זײַן מיט אַ קעגן־עצה.
מע האָט איבערגעעצהט אַחיתופֿלען, האָט ער
זיך גענומען דאָס לעבן. מיט זיך —
זיך האַלטן אַן עצה מיט אַ צאָל אָדער אַ
לענגערע צײַט. א, זיך מיט אַלע פֿרײַנד.
איבערעקאָנאָמיש — אַדי. 1. ביז גאָר,
זייער עקאָנאָמיש, שפּאָרעוודיק. אַ קאַרגער,
א'ער בודזשעט. 2. וואָס ברענגט ניט קיין
מאַטעריעלן נוצן, וואָס איז מחוץ עקאָנאָמיע.
אַרבעטן פֿאַר עפּעס א', אָן שום אויסקוק אויף
מאַטעריעלער באַלוינונג. „בלויז פֿון
אידעאַליסטישע, נאַציאָנאַלע, א'ע מאָטיוון שיקן ייִדן
זייערע קינדער אין די ייִדישע שולן„. ימ,
צײַט, שאַוול 1924. ־קייט.
איבערעקזאַמענירן — טרוו. ־ניר איבער,
~עקזאַמענירט. 1. עקזאַמענירן נאָכאַמאָל,
אויף אַן אַנדער אופֿן. א, דעם תּלמיד וואָס
האָט אפֿשר באַקומען הילף. א, די אַפּליקאַנטן.
2. עקזאַמענירן אַ צאָל. א, אַלע קלאַסן ביי
דער אינספּעקציע. 3. רעווידירן נאָכאַמאָל. א,
דעם יערלעכן באַריכט, דעם געפּלאַנטן
בודזשעט אדגל. מיט זיך. ־ונג.
איבערעקלען — אומפּ. עקלט איבער, ~

עקלט. שטאַרק עקלען. „עס עקלט מיך איבער פֿון זײַן גאַנצן הילוך“, רייד.
איבערעקסיסטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~עקסיסטירט פֿונדאָסנײַ, ווידער עקסיסטירן.
.
וועלן א, אין אַ צוויי־דרײַ הונדערט יאָר אַרום.
א, אין אַן אַנדער פֿאָרעם.
איבערעקספּלואַטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~עקספּלואַטירט. עקספּלואַטירן איבער דער מאָס, מער נאָך ווי ס'איז אָנגענומען אין אַ באַשטימטער סבֿיבֿה. א, די באַדינערס, די אַרבעטער אע. „אַ...רעזערוואואַר פֿון איבערעקספּלואַטירטע...אַרבעטער“, פֿאַש, 1 1966 I. ־

ו ג

איבערעקספּעדירן — טרוו. ־דיר איבער, ~עקספּעדירט. איבערשיקן וואָס מע האָט שוין געהאַט געשיקט. קריגן סחורות פֿון אויסלאַנד און א, אין אַן אַנדער פֿרעמד לאַנד.
א, אויף יענער־וועלט. ־ונג.
איבערעקספּערימענטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~עקספּערימענטירט. דורכפֿירן נאָכאַמאָל אָדער אַ סך מאָל אַן עקספּערימענט. א,

·

איבערעקשנען — [...אַ'קשענען] טרוו. עקשן איבער, ~געעקשנט. איבערשטאַIקן, גובֿר זײַן אַן עקשן מיט נאָך מער עקשנות. „ווער וועט וועמען א': דער מאַן די ווײַב אָדער די ווײַב דעם מאַן?“, רייד. מיט ז י ך — אויפֿהערן זיך עקשנען.

איבערערגעצן — אוטוו. נעאָל. זײַן, פֿאַרבערענגען ערגעצוואו. „כ'וואָלט וועלן א, דעם הייסן זומער, אַבי ניט אין ניו־יאָרק„, רייד.

איבערערדיש — אַדי. 1. וואָס איז אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד (אין היפּוך צו אונטערערדיש = אונטער דער אייבערפֿלאַך). א'ע באַן. „צו ווינטער שטאַרבן די א'ע טיילן פֿון קלעווער אָפּ“, א. גאָלאָמבּ איבז, ג. באָטש, געוויקסן. „עס זײַנען פֿאַראַן שוואַכע שאַנסן מע זאָל וועלן דורכפֿירן באַהאַלטענע א'ע אַטאָם־טעסטן“, טמז, 2 .13 X l963. העכער איבער דער ערד, אין (פֿון) דער הייך. פֿליִען א, הויך. „דער שניי איז געפֿאַלן...פֿון אַן א'ער פֿאַרהוילעניש„, חג, 'זיידעס און אייניקלעך'.

3. וואָס איז ניט־ערדיש, ניט גשמיותדיק.

שײַנען מיט א'ער שײנקײט. „ווער עס האָט
אים דעמאָלט געזען האָט געדענקט צו זען
אַ מלאך,...אַן א'ן וועזן„, יונה טרובּניק איבּז,
רבּי יהודה הלוי, ווילנע 1895. „[ז] הערט אויף
צו זײַן אַ געוויינלעכע פֿרוי און ווערט אָזוי
ווי אַן א, וועזן„, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. ־קייט — „דער בּאַוואונדערער פֿון
דעם לײַדנדיק געלײַטערטן היסטאָרישן ייִד, פֿון
זײַן העכערקייט, א'„, ציים, טמז, 1964 1.
„צוקונפֿט און א', אומרעאַל, אומממשותדיק„,
בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.
איבּערערלעך — אַדי. בּיז גאַר, זייער
ערלעך, מער ווי מע ריכט זיך. אַן א'ער מענטש.
א'ע האַנדלונג. ־קייט.
איבּערערנסט — אַדי. פּפֿ: ~ערנצט. בּיז
גאָר, זייער ערנסט. אַן א'ער וואָס דערלאָזט
ניט קיין שמייכל אויפֿן פּנים. „ס'איז אַן א'ע

איבּערפּאָלירן

פֿראַגע און איר חכמהט זיך„, רייד. א'ע
קראַנקייט.
איבּערפּאָגראָמירן — טרוו. ־מיר איבּער,
~פּאָגראָמירט. 1. פֿונדאָסנײַ, ווידער

פאָגראָמירן. א, די זעלביקע קראָמען, גאַסן, שטעטלעך. 2. פאָגראָמירן אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, די שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע. ־ונג.

אי'בערפּאָדלע'ץ — דער, ־ן (־עס). גאָר מיאוסער פּאָדלעץ. „ס'איז ניט גענוג אים צו רופֿן פּאָ'דלע'ץ [= 'אונטערלץ'], ער איז אַן א'״, בּריוו ־יש — אַדי.

.

איבּערפּאָזירן — אוטוו. ־זיר איבּער, ~(גע)־פּאָזירט. איבּערשטעלן זיך אין אַן אַנדער פּאָזע (בּײַם פֿאָטאָגראַפֿירן). „לאָמיר א', ווײַל מיר האָבּן פֿאַרשטעלט די קינדער״, רייד ־ונג.

.

איבּערפּאַטענטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~פּאַטענטירט. נאָכאַמאָל אַרויסנעמען אַ פּאַטענט. ← אויספּאַטענטירן, בּ2. ־ונג.

איבּערפּאַטראָניזירן — טרוו. ־זיר איבּער, ~פּאַטראָניזירט. פּאַטראָניזירן איבּער דער מאָס. ס'איז ניט גוט א, אַ יוגנטלעכן. ־ונג.

איבּערפּאָטרעטלען — ← איבּערפּאָרטרעטלען.

איבּערפּאַטשן — טרוו. פּאַטש איבּער, ~ געפּאַטשט. 1. איבּערקלאַפּן מיט אַ האַנט. א, ווען צוויי וועטן זיך. 2. פּאַטשן אַ צאָל מאָל,

אַ צאָל מענטשן. א, די ייִנגלעך וואָס פֿוילן זיך
לערנען. א, די שרײַערס. 3. אַריבערקלאַפּן. א,
דעם באַלעם איבער דער נעץ. מיט ז י ך — קזוו.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערפּאַטשקען — טרוו. ־קע איבער, ~
געפּאַטשקעט. 1. פֿאַרפּאַטשקען, פֿאַרשמוצן אַ
צאָל. א, אַלע גלעזער. 2. פּאַטשקען אויף
עפּעס וואָס איז שוין פֿאַרפּאַטשקעט.
איבערשמירן. אויך דזוו אויספּאַטשקען ←. ־עכ⃞ן.
־עניש.
איבערפּאַיאַצעווען — טרוו. ־צעווע איבער,
~פּאַיאַצעוועט. איבערקרימען אויף אַן
איבערגעטריבן קאָמישן אופֿן. פּאַיאַצעווען מער
ווי אַן אַנדער פּאַיאַץ. א, דעם קלאַון פֿון צירק.
איבערפּאָיען — טרוו. פּאָיע איבער, ~
געפּאָיעט. געבן צו פֿיל צו טרינקען אַ פֿערד, אַ
בהמה. ס'טויג ניט א אַ פֿערד פֿאַרן לאָזן זיך

,

אין וועג. מיט ז י ו — א, זיך און זיך
וואַלגערן אין רינשטאָק. ־עניש.
איבערפּאָליטור(יר)ן — טרוו. ־טור(יר)
איבער, ~(גע)פּאָליטור(יר)ט. איבערשמירן מיט
פּאָליטור. „מחמת דעם [וואָס די פּאָרן אין

געהילץ ציִען אַרײַן די פּאָליטור] מוז דער
בעלמלאָכה א, דעם קעגנשטאַנד עטלעכע מאָל“,
בעך.
איבערפּאַליען — טרוו. ־ליע איבער, ~
געפּאַליעט. איבערהייצן. א, דעם אויוון, מע זאָל
ניט קענען צוגיין צו אים.
איבערפּאָלירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־
פּאָלירט. נאָכאַמאָל אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן
פּאָלירן. א, דעם טיש. א, דעם דימענט. א,
דעם דיל לכּבֿוד יום־טובֿ. אויך פֿיג. א, דאָס
ליד. ־ונג.

איבערפּאַלמעסן

איבערפּאַלמעסן — טרוו. ־מעס איבער, ~
געפּאַלמעסט. נאָכאַמאָל, אַנדערש פּאַלמעסן.
אַרויסנעמען דעם געשטאָרבענעם פֿון קבֿר און
אים א'. ־ונג.
איבערפּאָמסן — טרוו. פּאָמס איבער, ~
געפּאָמסט. פּפֿ: ~פּאָנסן. איבערפֿאַרבן מיט
טיף־־רויטן קאָליר. א, די ליפּן.
איבערפּאָמפּ(ע)ן — טרוו. פּאָמפּ(ע) איבער,
~געפּאָמפּ(ע)ט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל
פּאָמפּ(ע)ן. א, די רעדער פֿון אויטאָ. 2. פּאָמפּען
פֿליסיקייט פֿון איין אָרט אין אַ צווייט אָרט.

א, פֿון רעזערוואוּאַר אין אַ ציסטערנע. 3.
אָנפּאָמפּען איבער דער מאָס. א, די פּילקע.
איבערפּאַנצערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געפּאַנצערט. 1. איבערדעקן מיט אַ פּאַנצער.
א', מאַכן קוילן־זיכער דעם אויטאָמאָביל. 2.
ווידער, בעסער באַפֿעסטיקן. א, די פּאָזיציעס.
־ונג.
איבערפּאַנקעווען — □ וייכע נ] טרוו. ־קעווע
איבער, ~געפּאַנקעוועט. איבער דער מאָס
צעבאַלעווען, צעפּיעשטשען. א, דעם בן־יחיד און
אים אינגאַנצן קאַליע מאַכן.
אי'בערפּאַסי'וו — אַדי. ביז גאָר, זייער
פּאַסיוו. „דער אַזוי־גערופֿענער פּאַסיווער
ווידערשטאַנד טאָר אָבער ניט זײַן א'“, רייד.
־קייט.
איבערפּאַסירן — אוטוו, דריטפּערזאַניק.
פּאַסירט איבער, ~(גע)פּאַסירט. געשען, זיך
טרעפֿן (בלויז וועגן זעלטענע, אויסנעמיקע
פֿאָרקומענישן) נאָכאַמאָל, אַ סך מאָל. „וואָס
עס האָט (מיט) מיר ניט איבערפּאַסירט אין
מײַן נע־ונדעווען“. אויך מיט ז י ך.
איבערפּאַסירן — טרוו. ־סיר איבער, ~(גע)־
פּאַסירט. (ספּאָרט־שפּיל, פֿוטבאָל) איבערגעבן,
איבערדערשלאָגן דעם באַלעם צו אַ צווייטן

שפּילער אויפֿן פֿעלד, פּלאַץ. “ — חיימקע!
פּאַסיר איבער די פּילקע צו באָרקען”, רייד.
־ונג.
איבערפּאַסמאַקעווען זיך — אוטוו. איצ,
אימפּ נב; זיך ~(גע)פּאַסמאַקעוועט. בולט,
ריַיסיק אַרויסוויַיזן הנאה פֿון עסן געשמאַקס.
א, זיך מיט דער פֿעטער קאַטשקע. א, זיך מיט
גראָבע וויצן.
איבערפּאַסן — טרוו. פּאַס איבער, ~געפּאַסט.
1. פּאַסן, אָנמעסטן נאָכאַמאָל. א, די
מאַרינאַרקע. 2. (קאָרטנשפּיל) איבערגעבן דאָס
שפּילן, דאָס אַרויסגיין מיט אַ קאָרט דעם
וויַיטערדיקן מיטשפּילער. זיך ניט באַטייליקן אין אַ
קאָן. 3. דזוו איבערפּאַסירן, טרוו.
איבערפּאַסעווען — טרוו. ־סעווע איבער,
~געפּאַסעוועט. 1. איבערשניַידן אין פּאַסן.
א, די גאַנצע פֿעל. 2. שלאָגן, שמיַיסן מיט
אַ פּאַס, רימען אַז עס זאָלן בליַיבן סימנים
פֿון פּאַס אויפֿן ליַיב. א, דעם בנאָק, ער זאָל
האָבן צו געדענקען. א, דאָס ליַיב, עס זאָלן
בליַיבן סימנים וואָכן־לאַנג.
איבערפּאַסקודע(ווע)ן — טרוו. ־דע(ווע)
איבער, ~געפּאַסקודע(ווע)ט. אויך: ~

דיען, ~פּאַסקודזיען, ~פּאַסקודזשען.
ווידער, אָדער שטאָרק, אָדער אַ צאָל זאַכן
פֿאַרבּרודיקן, מאַכן עס זאָל זײַן פּאַסקודנע. א,
די דילן מיט אַ כראַקעריַ און מיט מייקעכץ.
איבּערפּאָעטיזירן — טרוו. ־זיר איבּער,
~פּאָעטיזירט. נעאָל. מאַכן פּאָעטיש
פֿונדאָסנײַ אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן. א אַ
פּראָ,
זאַאישע דערציילונג. א אַן איבּערזעצונג. ,,די
,
איבּערגעזעצטע און טיילווײַז
איבּערפּאָעטיזירטע [אדי, פּאַר] סטראָפֿן,,, א. אַלמי פֿאַש,
,
9 l956 III. ־ונג.
איבּערפּאָפּדלאַריזירן — טרוו. ־זיר איבּער,
~פּאָפּולאַריזירט. מאַכן (שרײַבּן) פּאָפּולער
אויף אַ צוטריטלעכן, גרינגערן אופֿן. מאַכן צו
פּאָפּולער. א, די נײַע שטאַנדפּונקטן אין
סאָציאָלאָגיע. ־ונג.

איבערפּאָסן — אוטוו. פּאָף איבער, ~
געפּאָפּט. איבערשלאָפֿן (מיט ביטול, אומאיידל, פֿאַמיליער). א, דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, די גאַנצע פֿאָרשטעלונג ־עניש.

.

איבערפּאָצאַפּען — טרוו. ־פּע איבער, ~(גע)־פּאָצאַפּעט. סל. איבערכאַפּן, אויסכאַפּן. אַרײַנקריגן עפּעס פֿון עמעצן מיט פֿלינקייט אָדער כיטרעקייט. א, דאָס וועגעלע האָלץ וואָס דער שכן האָט שוין כמעט געקויפֿט בײַם פּויער. א אַ מציאה. א, דעם חבֿרה־מאַן און אים אָנ,

ברעכן די ביינער.
איבערפּאָקאָסטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)פּאָקאָסטירט. איבערשמירן, איבערמאָלן מיט פּאָקאָסט פֿערנעץ. א, די ווענט אין קיך.

,

איבערפּאַקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)־פּאַקירט. דזוו איבערפּאַקן (סוחריש). א, דאָס גלאָזוואַרג, עס זאָל ניט צעבראָכן ווערן. ־ונג.
איבערפּאַקן — טרוו. פּאַק איבער, ~געפּאַקט.

פּפֿ: ~פּאַקעווען. 1. צונויפֿלייגן זאַכן אין
אַ פּאַק, זאַק, קאַסטן אע נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ,
,
אַנדערש. א, דעם טשעמאָדאַן, עס זאָלן אַרײַן
מער זאַכן. 2. אָנפּאַקן צו פֿיל. א, דעם
טשעמאָדאַן, מע זאָל אים ניט קענען צומאַכן.
„זי איז ממש פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן
שווערער, נישט דערפֿאַר ווײַל ער האָט זי [די
טעקע] איבערגעפּאַקט, נאָר ווײַל זײַנע...
כּוחות זענען געוואָרן געמינערט“, באַש, פֿאָר,
3 .1 1966 I. איבערשטאָפּן מיט עסנוואַרג.
א, דעם קליינעם פּעמפּיק. „די מאַמע האָט
דיך איבערגעפּאַקט מיט קוגל“, יחיאל לערער,
מײַן הייס. 4. איבערשטאָפּן, פֿאַרשטאָפּן (מיט
וואָס דאָס זאָל ניט זײַן). „מאַסן אויטאָמאָבילן
האָבן אויך נעכטן איבערגעפּאַקט די
פֿאַרשידענע וועגן און בריקן“, פֿאָר, 1966 I 14.
5. איבערכאַפּן. א, די ספּעקולאַנטן איינעם
בײַ איינעם. מיט ז י ך — איבערעסן זיך.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערפּאָקן — אוטוו. פּאָק איבער, ~
געפּאָקט. 1. איבערקומען די קראַנקייט פּאָקן.
← איבערמאָזלען. „[זי] מוז אַליין א, און
איבערמאָזלען, ביזוואַנען זי וועט געזונט ווערן„,

סאָוו, היימלאַנד, 2 .6 1965, No. שווער
איבערלעבן אַ גײַסטיקע צערודערונג און

אַרויס

איבערפּאָרעז זיך

קומען פֿון איר פסיכיש געזונט. זיך אָפּזאָגן
פֿון אַ גלייבונג וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר
יונגע יאָרן. ,,ווער פֿון אונדז האָט דאָס

פערזענלעך ניט איבערגעלעבט, און ניט איבערגעמאָזלט און איבערגעפּאָקט?“, י. לעשטשינסקי, פֿאָש, 1961 I י 8.

איבערפּאַראַנדקעווען — ־קעווע איבער, ~פּאַראַנדקעוועט. פּפּ: ~פּאַראַנדיקן. אײַנשטעלן אַן אָרדענונג אַנדערש (בײַטעם פֿון ביטול). א, דעם קינדער־מאַרש. א, ווער וואו עס זאָל זיצן.

איבערפּאַראַסראַזירן — טרוו. ־זיר איבער, ~פּאַראַפֿראַזירט. ניצן אַנדערע אויסדרוקן, זאַצן, פֿראַזעס בײַם איבערגעבן אויסטײַטשן, דערקלערן, פֿאָרמולירן עפּעס וואָס איז שוין געווען אַרויסגעזאָגט אַדער אָנגעשריבן פֿון פֿריִער. א, די רעזאָלוציע. ניט בלויז איבערזעצן, נאָר אויך א, אַלע שווערע שטעלן. ־ונג.

איבערפּאַרטאַטשע(ווע)ן — טרוו. ־טשע(ווע) איבער, ~געפּאַרטאַטשע(ווע)ט. איבערמאַכן אויף אַ פּאַרטאַטשישן, שלעכטן אופֿן. א אַ פּיעסע. „ער קען ניט נייען, ער האָט

,
מיר פֿאַרפֿאַרטאַטשעט און
איבערגעפֿאַרטאַטשעט דעם אָנצוג", רייד.
איבערפֿאַרטייאיש — אַדי. וואָס איז
איבער, העכער, ברייטער אין פֿאַרנעם אָדער
אויסבליק ווי ביַי אַ פֿאַרטיי, ווי ביַי איינעם וואָס
קומט מיט אַ פֿאָרויס איַינגעשטעלטן קוק.
א'ער פֿאָרזיצער. „מיר שטרעבן צו אַן א'ער,
איבערסעקטאַנטישער ייִדישער דערציאונג,,, ימ,
אונדזער שול, מעקסיקע 1948. "נישט נאָר די
א'ע, נאָר אויך איבערציַיטלעכע, די
איבערדורותדיקע אינטערעסן פֿון אַן אייביקער אומה",
ציַיט, טמז, 8 1965 I. ־קייט.
איבערפֿאָרטרעטלען — טרוו. ־טל איבער,
~געפֿאָרטרעטלט. (ביַיטעם פֿון ביטול).
איבערפֿאָטאָגראַפֿירן. א, די מחותּנים. אויך מיט
ז י ך.
איבערפֿאָרן — טרוו. פֿאָר איבער, ~געפֿאָרט.
1. איבערשטעלן אין אַנדערע פֿאָרן, פֿאָרלעך.
א, די טענצער צום ניַיעם טאַנץ. א, די
קינדער פֿאַרן אַרויסמאַרשירן. 2. צונויפֿפֿאָרן,
צונויפֿפֿירן. א, די ערן מיט די זיִען פֿון
באַזונדערע זאָאָלאָגישע גאָרטנס. מיט ז י ך —
„זיי האָבן זיך איבערגעפֿאָרט. ער האָט

גענומען דעם חבֿרס כּלה און דער חבֿר זײַן כּלה“.
־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
איבּערפֿאַרען — טרוו. ־רע איבּער, ~
געפֿאַרעט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער דורכנעמען מיט
פֿאַרע. א, וועש אין באָד. א, די ביינער אין
מרחץ. א, שטאָף פֿאַרן נייען. 2. פֿאַרען
איבּער דער מאָס. א, דעם צימעס. אויך מיט ז י ך.
־עכ□ן. —עניש.
איבּערפֿאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך איבּער,
זיך ~געפֿאָרעט. 1. טאָן אָדער כּלומרשט
עפּעס טאָן, דערבּײַ זיך אַרומדרייען, בּיזן
פֿאַרענדיקן. א, זיך מיטן אַרײַנבּרענגען אין
שטוב דעם שבּת. 2. דזוו איבּערפֿאָרקען (זיך).
־עניש.

□

איבּערפֿאַרפֿומירט

-

איבערפאַרסומירט — אַדי, פּאַר ← דוווו.
אויך פֿיג. געשריבּן מיט הויכע, מליצהדיקע
ווערטער. אַן א'ער סטיל. „ער האָט רעבּעלירט
קעגן דער ראָמאַנטיק פֿון א'ע שורות און
גלעקלדיקע גראַמען„, יג, טמז, 22 1965 I.
־קייט.

איבערפאַרסומירן — טרוו. ־מיר איבער,
~פאַרפֿומירט. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש
באַשפּריצן מיט פאַרפֿום. א, דאָס באַלקלייד.
2. פאַרפֿומירן איבער דער מאָס. מיט ז י ך.
־ונג.
איבערפאַרצעלירן — טרוו. ־ליו איבער,
~(גע)פאַרצעלירט. איבערטיילן ערד אין
קליינע חלקים. א, די פריצישע מאַיאָנטקעס וואָס מע
האָט נאַציאָנאַליזירט. ־ונג.
א בערפאַרקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~
פאַרקירט. (אַרגענטינע) אַנדערש, בעסער פאַרקירן,
אַוועקשטעלן אַן אויטאָ. א אַ קאָטש.
,

איבערפאָרקען — אוטוו & טרוו. ־קע

איבער, ~געפּאָרקעט. איבערזוכן,
איבערנישטערן. א, (אין) אַלע שופֿלאָדן. א, (צווישן) אַלע זאַכן און ניט געפֿינען וואָס מע זוכט. מיט
ז י ך — דזוו איבערפּאָרען זיך. א, זיך בײַם פֿאַרריכטן אַ זייגער און צום סוף אים
אַרויסוואַרפֿן. ־עניש.
איבערפּאַשן — טרוו. פּאַש איבער, ~
געפּאַשט. 1. איבערטאַלירן (קאָרטן). 2.
איבערגעבן אָדער איבערפֿאַרקויפֿן אַ געגנבֿעטע
זאַך אָדער קאָנטראַבאַנד.
איבערפּאַשען — טרוו. ־שע איבער, ~
געפּאַשעט. 1. האַלטן בהמות אויף דער פּאַשע
לענגער ווי עס איז נייטיק. א, ביז עס קומען
אַרויס די שטערן. 2. איבערקאָרמען, געבן
אַ בעל־חי צו פֿיל צו עסן. א, די גענדז, די
ציג. 3. פּאַשען אַ גרעסערע צאָל, אַ
לענגערע צײַט. א, גאַנצע טשערעדעס. מיט
ז י ך — עסן אַ סך, זיך איבערעסן.
איבערפּגרן — [...פּייגערן] אוטוו. פּגר איבער,
איז ~געפּגרט. [וועגן האָט ← אויספּגרן].
דזוו פּגרן, אויספּגרן ◻..). א, פֿון הונגער.
געוועזן אַ מגיפֿה אויף בהמות און אַלע
שטעטלשע קי זײַנען איבערגעפּגרט.
איבערפּדיונען — [...פּי'דיענען] טרוו. פּדיון

איבער, ~געפּדיונט. 1. איבערלייזן, לייזן פון פאַרשיידנס אָדער אין פאַרשיידענע צײַטן (מיט ביטול). „פאַרדינער מײַנער, וויפל האָסטו איבערגעפּדיונט אויפן יריד?“, רייד. 2. נאָכאַמאָל, אַ סך מאָל געבן פּדיון, געלט אַ חסידישן רבין פאַרן אויסבעטן עפּעס בײַם רבונושל־עולם. א, אפשר אַ העלפט פון לייזעכץ.

איבערפּובליקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)פּובליקירט. נאָכאַמאָל פאַרעפנטלעכן, איבערדרוקן. א, דעם אויפרוף. „צווישן די מאַטעריאַלן...זײַנען פאַראַן אַזעלכע וואָס זײַנען שוין פּובליקירט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. מיר האַלטן אַז עס איז ניט איבעריק זיי א'“, י. טשערניאַק, ייִשפּ XXII, 3. ־ונג.

איבערפּודערן — טרוו. ־ער איבער, ~

גע)93(

פּודערט. באַשיטן, באַדעקן מיט פּודער נאָכאַמאָל. מיט ז י ך — „האָט זיך איבערגעפּודערט דאָס פּנים, אויפגעטורעמט העכער אירע האָר„, חג, טמז, 19 XI 1965. ־ונג.

איבערפּוטען — טרוו. ־טע איבער, ~

געפּוטעט. סל. איבערפלאָנטערן. א, די פּעדעם. א, עמעצן די רייד. מיט ז י ך. ־עניש.
איבערפּוטערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געפּוטערט. איבערשמירן מיט פּוטער. א, אַ פּאַן אויף צו פּרעגלען. א אַ שלעכט באַשמירט
,
פּענעצל ברויט.
איבערפּויזען — אוטוו. ־זע איבער, ~ געפּויזעט. קריכן, אַריבערקריכן פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן (וועגן אַ קינד). א, אויף אַלע פֿיר. א, פֿון עסצימער אין קיך אַרײַן. ־עניש.
איבערפּויקן — טרוו. פּויק איבער, ~געפּויקט.
1. נאָכאַמאָל עפּעס אויסשפּילן אויף אַ פּויק.
2. איבערדערציילן אַ נײַס, אַ סוד. 3. צו פֿיל רעקלאַמירן. איבעררימען. א, זײַן טאַלאַנט.
4. איבערגעבן עפּעס דורך קלאַפּן. א, אַ ידיעה צום אַרעסטאַנט אין דער צווייטער קאַמער. מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע).
איבערפּוישטן — טרוו. פּוישט איבער, ~ געפּוישט. איבערדעקן מיט פּעלץ. א, אַ האַנטבײַטל.
איבערפּוישן — טרוו. פּויש איבער, ~ געפּוישט. איבערשטאָפּן. אָנפֿילן מער ווי מע

דאַרף. א, דעם זאַק מיט צו פֿיל היי, בעטגעוואַנט. מיט ז י ך — דזוו אויספּוישן זיו ←.

איבערפּוליען — טרוו. ־ליע איבער, ~ געפּוליעט. סל. איבערשטויבן. א, די פֿאָרהענגלעך, די קאָלדרעס.

איבערפּונקטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)פּונקטירט. אויף אַן אַנדער אופֿן שטעלן אָפּשטעלצייכנס אָדער אַנדערע סימנים, פּינטעלעך. א, די קאָרעקטור־בויגנס. א, אויפֿן ענגלישן אופֿן, אַנשטאָט דעם רוסישן. ־ונג.

איבערפּוסטעווען — אוטוו. ־טעווע איבער, ~געפּוסטעוועט. זײַן ליידיק, פּוסטעווען אַ לענגערע צײַט. א, ווי אַ חורבֿה. א, כּל־זמן די בעלי־בתּים זײַנען אויף דאַטשע. די דירות וועלן א, ביזוואַנען מע וועט זיי ניט רעמאָנטירן.

איבערפּועלן — [...פּוי'עלן] טרוו. פּועל איבער, ~געפּועלט. אויסווירקן אָדער קריגן דעם הסכּם אויף עפּעס וואָס איז אַנדערש אָדער פֿאַרקערט פֿון דעם וואָס אַן אַנדערער האָט געפּועלט. „דו האָסט געפּועלט בײַם טאַטן, אָבער — דו וועסט זען — איך וועל א'“, רייד.

איבערפּוץ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערפּוצן. ← דוווו. 2. צו פֿיל פּוץ; פּוץ מיט

שלעכטן געשמאַק. 3. באַפּוצונג וואָס קומט
פֿון אויבן. אַן א, אויפֿן היטעלע.

איבערפּוצן — טרוו. פּוץ איבער, ~געפּוצט.
1. נאָכאַמאָל פּוצן. א, דאָס מעבל, די שיך,
די קליידער. ,,טעפּלעך דאַרפֿן נאָכן שײַערן
איבערגעפּוצט ווערן מיט אַ מעטאַל־ריי־ניקער,,,

איבערפּײַקלען

פּאָר, 2 .9 1965 ▯I. פּוצן אַ צאָל, אַ סך.
א, אַלע לײַכטער לכּבֿוד שבת. ״די יוּוועליוס
און זילבער־אַרבעטער האָבן איבערגעפּוצט דאָס
פֿילע שמוק און זילבער־געשיר▯, ימבר״ע,
שפּרינצע מירל, בוקאַרעשט 3 .1878. פּוצן
אַ ביסל, אויבנאויף. ,,איך האָב...נאָר אַזוי
אַ ביסל געוואָלט א, [דעם שפּיג▯],,, עט,
סערקעלע. 4. פֿאַרפּוצן איבער דער מאָס. א, דעם
טאָרט. א, דעם זאַל מיט צו פֿיל שמאָכטעלײַען.
5 פֿיג. מאַכן ריין מאָראַליש; מאַכן ערלעכער,
▯
פֿײַנער. א, דאָס געוויסן בײַ טייל שטאָט־
בעליטובֿות. ,,ווען מיר נעמען זיך אַליין און פּוצן
איבער דעם סאָוועסט ריין,,, אַמ,,ש]

אָסטראָווסקי], דעך מאַ קעראַדן באַל, וואַרשע 1884.
6. דזוו אונטערפּוצן, בּ3 (←.), נאָר עטלעכע
מאָל. מיט ז י ך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איבּערפּוצעריש — אַדי. 1. וואָס איז (ווי)
בּײַ אַן איבּערפּוצער. א'ע גענגעלעך. 2. וואָס
טויג אויף איבּערצופּוצן. א'ע איילן, שמירעכצן.
איבּערפּורקען — טרוו. ־קע איבּער, ~
געפּורקעט. 1. איבּערשטעכן מיט אַ טעמפּער
אָדער שאַרפֿער זאַך. א, די אויערן. „האָבּ גיט
קיין טבֿע אַלץ איבּערצופּורקען מיט די
פֿינגערלעך„, רייד. 2. דזוו איבּערפּאָרקען ←.
איבּערפּטרן — [...פּאַטערן] טרוו. פּטר
איבּער, ~געפּטרט. 1. ווי ניט איז איבּערענדיקן
אַן אַרבּעט, בּדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן
פֿון איר. א, דאָס נייען און גיין אַהיים.
2. אויסגעבּן איבּעריק געלט. א, אַ גאַנצע
מאה. 3. דזוו אַרויספּטרן. א, דעם נודניק.
אויך: אַוועקפּטרן. א, דעם שׂונא. 4. אַקוזוו.
ווי ניט איז דורכלעבּן אַ בּאַשטימטע צײַט.
א, דעם ווינטער און זיו דערוואַרטן אוף
זוניקע טעג. א, אַ קרענק. ־ניש.
איבּערפּיאַנעווען — אוטוו. ־נעווע איבּער,

~געפּיאַנעוועט. סל. איבערשיכּורן (פּעיאָ). א, אין אַלע שענקען.
איבערפּידען — ← אויספּידען.
איבערפּיינטן — טרוו. פּיינט איבער, ~
געפּיינט. אַמ. איבערפֿאַרבן. א, עטלעכע רומקעס.
איבערפּײַניקן — טרוו. ־ניק איבער, ~
געפּײַניקט. 1. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ פֿאַרשאַפֿן פּײַן, יסורים. פּײַניקן מיט קלעפּ און א, מיטן ניט לאָזן שלאָפֿן. א, מיט נײַע שרעקן.
2. פּײַניקן אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, אַלע באַשולדיקטע. א אַ גאַנצע ייִדישע קהילה.
,
3. גוזמאדיק. פֿאַרנודיען, פֿאַרלאַנגווײַליקן. א, מיט לאַנגע דרשות. מיט ז י ך — זיך א, יאָרן־לאַנג מיט אַזאַ אויסוואָרף פֿאַר אַ מאַן. זיך א, אין ביטערן דלות. ־ונג. ־ער (־ין).
איבערפּייפּערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געפּייפּערט. אַמ. איבערקלעפּן מיט וואַנטפּאַפּיר. איבערפּיינטן ביידע בעדרומס און א, איין ליווינג־רום.
איבערפּײַקלען — טרוו. ־קל איבער, ~
געפּײַקלט. איבערשפּילן אויף אַ פּײַקל. א, דעם מאַרש פֿרגל איבערפּויקן. ־עניש.
.

יבערפילדערן

Iיבערפילדערן — ־ער איבער, ~
געפילדערט. אוטוו — פילדערן, טומלען אַ
לענגערע צײַט. א, אַ גאַנצן פֿרימאָרגן. טרוו —
טומלען, ליאַרעמען העכער פֿון אַנדערן. א,
אַלע צעקאָכטע דיספוטאַנטן.

פילטשט. פפֿ: ~פילצן. איבערדעקן,
איבער Iיבערפילטשן — טרוו. פילטש איבער, ~

געציִען מיט פילטש, פילץ. א, דאָס האַנטבײַטעלע.
יבערפיל(נ)עווען — טרוו. ־(נ)עווע איבער,
~געפיל(נ)עוועט. אוקר. היטן, אַכטונג געבן
בײַם האָדעווען מער ווי מע דאַרף, איבער
דער מאָס. „ווי עס איז ניט גוט
איבערצופילעווען אַ בהמה אין שטאַל, אַזוי איז אויך ניט
געזונט א, אַ קינד אין שטוב“, רייד.
יבערפימסן — טרוו. פימס איבער, ~
געפימסט. איבעררײַבן מיט פימס. א, אַ פֿעל.
איבערפינדזלע עגדז ו ־דזל איבער, ~
גע.
פינדזלט. פפֿ: ~ ען. 1. איבערשמירן

מיט אַ פּינדזל. א, דעם האַלדז. 2.
איבערמאָלן אויף אַ לײַכטן אופֿן, אַבי ווי. א, אין
אײַלעניש, פֿון זכּרון. 3. איבערמאָלן שלעכט,
פּאַרטאַטשיש, צו גיך. א, די ווענט. א אַ

,
לײַוונט. ־ונג — „אַז מע לייענט דעם
דיכטערס...א, פֿון...געשטאַלטן...“, יג, תּוך ־עניש.

.
־ער (־ין ־קע). ־ערײַ.
איבערפּינטלען — טרוו. ־טל איבער, ~
געפּינטלט. 1. שטעלן פּינטלעך פֿון אויבן.
2. אויספּינטלען אויף אַן אַנדער אופֿן.
איבערפּונקטירן. א, דעם גאַנצן טעקסט. א, די
ווײַסע וואַנט. 3. איבערניקודן. ־עניש.
איבערפּינען — אוטוו. ־נע איבער, ~
געפּינעט. אוקר. אַריבעררינען (וועגן שוי). די
יויך פּינעט שוין איבער.
איבערפּינקטלעך — אַדי. ביז גאָר, זייער
פּינקטלעך. „בײַ דער אַרבעט אַרום ווב מוז
מען זײַן א',.. —קייט.
איבערפּיסקעווען — ־קעווע איבער, ~
געפּיסקעוועט. אוטוו — פּיסקעווען אַ לענגערע

צײַט. „אַ בעלנות פֿון אַ ייִדענע אַזוי פֿיל
איבערצופּיסקעווען„. טרוו — איבערשטײַגן
עמעצן אין פּיסקעווען, שרײַען, זידלען. אַ
בריה איבערצופּיסקעווען אַלע מאַרק־ייִדענעס.
איבערפּ(י)עשטשען — טרוו. ־שטשע איבער,
~געפּ(י)עשטשעט. צו שטאַרק, איבער דער מאָס
צעבאַלעווען, צעפּיעשטשען. א, די קינדער און
זיי מאַכן פֿאַר לאַ־יוצלחס. מיט ז י ך — אויך:
פּיעשטשען זיך און אויפֿתּערן. ־עניש.
איבערפּיפּס(ע)ן — אוטוו. פּיפּס(ע) איבער,
~געפּיפּס(ע)ט. אַ לענגערע צײַט
אַרויסברענגען שטילע, דינע קלאַנגען. א, ווי אַ פֿייגעלע,
ווי אַ פּיצעלע קינדעלע.
איבערפּיפּקען — ־קע איבער, ~געפּיפּקעט.
אוטוו — פּיפּקען אַ לענגערע צײַט. זיצן,
שווײַגן און א, אַ גאַנצן אָוונט. טרוו —
1. דזוו אויספּיפּקען. א, אַ סך טאַבעק. 2. צו
פֿיל ניצן אַ פּיפּקע. א, אַ פּיפּקע ביז זי ווערט
אויסגעברענט. ־עניש.
אי'בערפּיקאַ'נט — אַדי. ביז גאָר, זייער
פּיקאַנט, רייציק. „איר רופֿט עס פּיקאַנט, א,

— און איך רוף עס אומאָנשטענדיקע
מיאוסקייט„, רייד. ־קייט.
איבערפּיקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)־
פּיקירט. 1. איבערשטײַגן מיט אַרײַנזאָגענישן,
שטעכווערטלעך. אַ שיינער גאַסטגעבער וואָס
וויל א, זײַנע געסט. 2. (שנײַדערײַ, לאָנדאָן)
אַרײַנגייען אַ נײַ שטיקל שטײַפֿלײַוונט אין
לאַצן אָדער אין קאָלנער. א, דעם קאָלנער.
איבערפּיקלען
— .רוו. ־. נאָכאַמאָל,
אַנל איבער, ~
געפּיקלט. פּפֿ: ~פּעק ען.
דערש אויספּיקלען (←). 2. אַרײַנגעבן צו פֿיל
געווירצן אע. א, דאָס פֿלייש מיט צו פֿיל
קנאָבל.
איבערפּיקן — טרוו. פּיק איבער, ~געפּיקט.
1. פּיקן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, די
פֿולע זשמעניעס קערנדלעך. 2. איבערהאַקן,
איבערשלאָגן מיט אַ שנאָבל. א, אַ שאָלעכץ און
אַרויספּיקן זיך אין דער פֿרײַער וועלט. מיט
ז י ך — קזוו. ־עכן. ־עניש.
איבערפּי ן — [...פּיירעשן] טרוו. פּירוש
איבער, ~געפּירושט. געבן, מאַכן אַן אַנדער

פירוש. (בײַטעם פֿון ביטול). „ווי שיין וו
האָסט עס איבערגעפּירושט אַזאַ קלאָרן פּסוק„.
רייד.
איבערפּישטשען — ־שטשע איבער, ~
געפּישטשעט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט
פּישטשען. א, ווי אַ קראַנק עופֿעלע. טרוו —
איבערשטײַגן אין פּישטשען. נאָכמאַכן
עמעצנס פּישטשען. "די פֿייגעלעך זינגען ניט, איינע
פּישטשעט, די צווייטע פּישטשעט זי איבער".
־עניש.
איבערפּישן — טרוו. פּיש איבער, ~געפּישט.
1 פֿאַרבײַפּישן. אַריבערפּישן. א, דאָס
נאַכט.
טעפּעלע. א, מיט די אויגן. 2. פֿאַרפּישן,
פֿאַראומרייניקן מיט השתּנה. א אַלע לײַלעכער.

,

איבערפּלאָגן — טרוו. פּלאָג איבער, ~
געפּלאָגט. 1. פֿאַרשאַפֿן קרענקונגען, ערגערנישן
אַ צאָל. א, די בני־בית מיט שטענדיקע
מאָנענישן, יאַדענישן. גוזמאדיק: א, די גאַנצע
קאָמפּאַניע מיט פֿוילע וויצן. 2. אָנשיקן אַ צאָל,
אַ סך פּלאָגן, אומגליקן. א, מצרים מיט צען
מכּות. א, דעם שׂונא מיט כּסדרדיקע
לופֿטאַטאַקעס. „וויפֿל מיר, ייִדן, זײַנען שוין

איבערגעפלאָגט געוואָרן!“, רייד. מיט ז י ך — זיך
מאַטערן אַ לענגערע צײַט (און אויפֿהערן). א,
זיך און זיך דערשלאָגן צו אַ תּכלית. ־עניש.
בער, ~געפלאָד(י)עט. או□דעדוען. (פֿעיאַ)
איבערפלאָד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע
אי: ~פלאָדז(י)ען,
~פלאָדזשען, ~פל
קינדלען, פֿאַרמערן אַ סך, צו פֿיל. „וואָס
ווייניקער מע האָט צום עסן, אַלץ מער פלאָדעט
מען איבער קינדער„, רייד. א, עופֿות, עס זאָל
ניט זײַן וואו זיי אַהינצוטאָן. ־עניש.
איבערפלאָטקעוועז — ←
איבערפליאָטקעוועז.
איבערפלאָמבירן — טרוו. ־ביר איבער,
~(גע)פלאָמבירט. פלאָמבירן נאָכאַמאָל.
איבערבײַטן די פלאָמבע. א, אַ צאָן. א, די וואַגאָנען.
־ונג.

איבערפלוטע(ווע)ן

איבערפלאָנטע(□)ן — טרוו. ־טע(ר) איבער,
~געפלאָנטע(ר)ט. 1. איבערדרייען, איבערמישן
אָן אַ כּוונה עס צו טאָן. צעפלאָנטערן אין אַ צאָל
פֿאַלן. א, די קאָלירן. א, די פֿעדעם. א, די
זײַטן פֿון מאַנוסקריפּט. א', מע זאָל ניט

קענען עפּעס געפֿינען. א, קאַשע מיט באָט(ש)־
ווינע. 2. פֿאַרדרייען בכּיוון. א, יענעמס
ווערטער. 3. צונויפֿמישן אַזוינס וואָס געהער
ניט איינס צום אַנדערן. א, עטלעכע ענינים
אין איין קאַשע. א, די ענטפֿערס אויף די
פֿראַגעס פֿון פֿרעגבויגן. ־רונג ־טעכ ן.

—

·

־טע(ר)ניש.

איבערפּלאַנירן — טרוו. ־ניר איבער, ~(גע)־
פּלאַנירט. פּפֿ: ~פּלאַנעווען. איבערמאַכן
אַ פּלאַן (אין קאָפּ אָדער אויף פּאַפּי). א,
די גאַנצע סטראַטעגיע פֿון וואַלקאַמף. א, דעם
גאַנצן מאַרשרוט פֿון דער נסיעה. ־ונג.

איבערפּלאַנכע(נע)ן — אוטוו. ־כע איבער,
~געפּלאַנכעט. כּסדר וויינען, קלאָגן זיך אַ
לענגערע צײַט. „וואָס דאָס קינד קען א, (אין)
אַ נאַכט!„, רייד.

איבערפּלאַסטערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געפּלאַסטערט. 1. פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל
אַרויפֿלייגן פּלאַסטער, טינק, אויף אַ וואַנט. 2.
איבערבאַנדאַזשירן. א, די וואונד. 3. דזוו
איבערפּלאַסטערן, ב1 (←).

איבערסלאַפּלען — ־פּל איבער, ~געפּלאַפּלט.
אוטוו — פּלאַפּלען וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן.

א, וועגן שידוכים און וועגן גטן. טרוו —
איבערזאָגן, איבערדערציילן (מיט ביטול). א,
אַלע נאַרישקייטן וואָס מע הערט. א, ווי אַ
פּאָפּוגײַ. „זיי ווײַזן דעם דערציילער...אַ ייִדן,
אַ הילפֿלאָזן, אַן אויסגעשריבענעם, אַן
איבערפּלאַפּלענדיקן„, יג, איק, 17 IX 1965. מיט ז י ך.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ

איבערפּלאַצירן — טרוו. ־ציר איבער, ~(גע)־
פּלאַצירט. איבערבײַטן אַ פּלאַץ; אַריבערפֿירן
(עמעצן, עפּעס) אויף אַן אַנדער פּלאַץ. א, דעם
ביוואואַק פֿון דער אַרמיי. א, דעם זומערדיקן
קינדערלאַגער נעענטער צום וואַסער. מיט ז י ך.
־ונג.

איבערפּלאַצן — פּלאַץ איבער, ~געפּלאַצט.
אוטוו — פּלאַצן אין אַ גרויסער צאָל, אַ סך
מאָל. דער קנויט פֿון קעראָסין־לאָמפּ איז צו
הויך אַרויפֿגערוקט, פּלאַצן איבער די גלעזער.
זאָלן זיי א, פֿון קנאה. טרוו — מאַכן עס
זאָל פּלאַצן אין אַ גרויסער צאָל. „ביז ער
וועט זיך אויסלערנען מאַכן אורין־אַנאַליזן,
וועט ער א, גענוג טרײַבלעך„. ־עניש.

איבערפּלאַקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)־
פּלאַקירט. איבערציִען מיט אַ דינער פּלאַך,

שיכט פֿון מעטאַל, ספּעצ אַ טײַערן מעטאַל
אויף אַ װעלװעלערן. א, קופּער מיט גאָלד.
דזװ אויספּלאַקירן (←.).
איבערפּלוטע(װע)ן — טרװ. ־טע(װע) איבער,
~געפּלוטע(װע)ט. 1. דזװ איבערפּלאָנטע(ר)ן
←. 2. איבערשטײַגן עמעצן אין פֿאַרדרייען
אַן ענין, אין זײַן אַ פּלוט, אַ דרייקאָפּ, אַ
צעטומלטער קאָמבינאַטאָר. א, מנחם־מענדלען.
3. איבערכיטרעװען. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

איבערפּלוידערן
איבערפּלוידערן — אוטװ & טרװ. ־ער
איבער, ~געפּלוידערט. איבערחזרן, איבערזאָגן
נאַרישקייטן, פּלאַפּלערײַען. א, (װעגן) די
זעלביקע אַלט־באַקאַנטע זאַכן. ־ניש.
איבערפּלומפּן — טרװ. פּלומפּ איבער, ~
געפּלומפּט. דזװ איבערפּאָמפּען.
איבערפּליאָטקעװען — טרװ. ־קעװע
איבער, ...געפּליאָטקעװעט. איבערזאָגן,
איבערברענגען אַ פּליאָטקע, אַ רכילות. א, די
זעלביקע ליגנערײַען װאָס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט
אין שטעטל.
איבערפּליוכען — ־כע איבער, ~געפּליוכעט.
אומפּ אַ לענגערע צײַט רעגענען שטאַרק,

האַסטיק, מיט אַ געטומל (און אויפֿהערן). ,,וויפֿל
עס האָט שוין איבערגעפּליוכעט, מע קען אין
גאַס ניט אַרויסגיין,,, רייד. טרוו —
איבערגיסן האַסטיק, מיט אַ פּליוך. א, ס'וואַסער פֿון
עמער אין פֿעסל אַרײַן. ־עניש.

רוו. ־קע איבער, ~
געפּליוסקעט. אויך: ~פּל
איבערפּליוסקען
(י)ושקען. 1. דזוו
ט —

איבערפּליוכען, טרוו. 2. איבערשווענקען גיך,
ניט גענוג גוט. א, וועש אין אַ צעבער מיט
וואַסער. מיט ז י ך — א, זיך אין טײַך. ־עכ□ן.
־עניש.

א□בערפּליעטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~
געפּליעטשעט. דזוו איבערפּלאַפּלען,
איבערפּלוידערן; איבערליגנערן. א, אַזעלכע נאַרישקייטן
אַז די אויערן קענען עס מער ניט פֿאַרטראָגן.
אויך מיט ז י ך. ־עכ□ן. —עניש.

איבערפּל(□)עסקען — ־קע איבער, ~
געפּל(י)עסקעט. אוטוו — נאָכאַמאָל, אַ סך מאָל

פּאַטשן מיט די הענט (ווי אַן אויסדרוק פֿון צופֿרידנקייט, צושטימונג). א, מיט די הענט כּמעט נאָך יעדן זאָג פֿון דעם רעדנער. א, נאָך יעדן אויפֿטריט פֿון באַליבטן אַקטיאָר. טרוו — דזוו איבערפּליוסקען. מיט זיך. ־עניש.

איבערפּלעטן 1 — טרוו. פּלעט איבער, ~ געפּלעט. נאָכאַמאָל אויספּלעטן, אויסשפּילן אַ לאָטעריי.

איבערפּלעטן 11 — טרוו. ← דפֿוו. 1. איבערפּרעסן. א, די אייבערהעמדער, דאָס בלוזקעלע. 2. איבערשפּאַלטן. א, דעם קאָפּ מיט אַ האַמער.

איבערפּלפּולן — [...פּילפּלען] טרוו. פּלפּול איבער, ~געפּלפּולט. נאָכאַמאָל אָדער אויף אַן אַנדער אופֿן דורכפֿירן אַ פּלפּול (אַרום אַן ענין, דין, סוגיא א״ז). ← אויספּלפּ(ו)ל(ע)ן. א, דאָס אייגענע גאָר פֿאַרקערט. א, אַז די קשיא זאָל גאָר קיין קשיא ניט זײַן. מיט זיך — זיך פֿאַרדרייען אין אַ פּלפּול און ניט אָרויסקומען מיט קיין קלאָרן אויספֿיר. ־עניש.

איבערפּסלען — [...פּאַסלען] טרוו. פּסל איבער, ~געפּסלט. 1. פּסלען, דערקלערן אָז ס'איז ניט על־פּי דין, ניט כּשר (וועגן אַ צאָל

זאַכן, ענינים, מענטשן). א, אַלע עדות. א, כלים, מע זאָל זיי ניט טאָרן ניצן. 2. איבערבראַקירן, דערקלערן אַז עס טויג ניט, איז ניט צוגעפּאַסט (וועגן אַ צאָל זאַכן). א, דעם

982

נײַעם טראַנספּאָרט סחורה. א, די שוואַכע ראַיות פֿון דער פֿאַרטיידיקונג ־עניש.

.

איבערפּסקענען — [...פּאַסקענען] טרוו. פּסקן, פּסקע איבער; ~געפּסקנט, ־פּסקעט. 1. פּסקענען נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אַנדערש. איבערבײַטן אַ פּסק (אַ באַשלוס) על־פּי דין, לויט דער הלכה. "וואָס דער מרא־דאַתרא פּסקנט אויס וועט אַ צווייטער רבֿ ניט א,,,. ,,אַז מע האָט אים [דעם רבֿ] אײַנגערוימט אַז אין דער נײַער חבֿרה האָבן זיך פֿאַרשריבן ציוניסטן, האָט ער איבערגעפּסקנט: קבֿורה־געלט איז קיין גזלה נישט", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 2. פּסקענען אַ צאָל מאָל, אַ סך מאָל. א, ווער ווייסט וויפֿל דין־תּורות.
3. איבערטײַטשן, מסבּיר זײַן נאָכאַמאָל,

אויפֿנעמען אויף אַ נײַעם אופֿן. „ווען איינער
פֿון זיי [די תּלמידי־חכמים] האָט עפּעס
פֿאַרשלאָסן אַ דין פֿון דער תּורה...איז ניט געווען
אין דער וועלט איינער זאָל דאָס עפֿענען,
א אַנדערש“, תּנחומא, בראשית, וואַרשע תּרמ"ו.

,

„און אַפֿילו אַ גרעסערן למדן פֿון מיר וועל
איך קנסענען, אויב ער וועט א, מײַנע אַ
הלכה“, פּ. מאַרקוס, טמז, 22 1963 III.
4. איבעראַנדערשן, איבערבײַטן אַן אויספֿיר,
אַ מסקנא, וואָס מען איז געקומען צו דעם
נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן אָדער ראַנגלען זיך
אַרום דעם. „איצט וואָלט געוויס ניט געווען
קאָנסעקווענט איבערצופּסקענען פֿונדאָסנײַ, וואָס
מע האָט שוין איין מאָל — נאָך אַזוי פֿיל
דראַמאַטישע עפּיזאָדן — געפּסקנט„, ימ, נײַס,
.1922
איבערפּעדאַנטיש — אַדי. ביז גאָר, זייער
פּעדאַנטיש, איבער דער מאָס. א'ע באַציאונג.
־קייט.
איבערפּעדלען — אוטוו. ־דל איבער, ~
געפּעדלט. אַמ. פּעדלען מיט אַ צאָל, מיט
פֿאַרשיידענע זאַכן. דזוו אויספּעדלען, אוטוו.
איבערפּעכן — טרוו. פּעך איבער, ~געפּעכט.

איבערשמירן מיט פעך. א, די שיפֿלעך, קיין וואַסער זאָל ניט אַרײַן. א, דעם דאַך.

איבערפעלצן — טרוו. פעלץ איבער, ~ געפעלצט. 1. איבערדעקן מיט פעלץ. 2. בײַטן דעם פעלץ (פֿון אַ מאַנטל) אויף אַן אַנדערן.

איבערפענדזלען — טרוו. ־דזל איבער, ~ געפענדזלט. דזוו איבערפֿינדזלען ←. ־ונג. ־עניש.

איבערפענטען — טרוו. ־טע איבער, ~ געפענטעט. 1. איבערבינדן מיט פענטעס. א, די פֿיס, די הענט. א, די פֿערד און זיי לאָזן אויף דער פּאַשע אָ גאַנצע נאַכט. 2. דזוו אויספענטען, ב2, אין אַ צאָל ערטער. ־עניש.

איבערפענקען — ־קע איבער, ~געפענקעט. אוטוו — איבערקרענקען (גראָב). ער וועט בײַ מיר א'. טרוו — מאַכן עס זאָל פּלאַצן (וועגן אַ צאָל). א, די גלעזער מיטן אַרײַנגיסן זודיק וואַסער. ־עכ▯Iו. ־עניש.

איבערפעסטלדיק — אַדי. (באָטאַניק) וואָס דאָס פעסטל פֿון בלום אָדער בליאונג געפֿינט זיך פֿון אויבן, שטאַרצט אַרויס פֿון בעכערל,

און די באַשטויבונג־פֿעדעם שטייען איבערן
פֿרוכטקניפּל. א'ע בלומען. נעאָל. א. גאָלאָמב
איבז, באָטש, געוויקסן II, וואַרשע 1922.
איבערסעסטען — טרוו. ־טע איבער, ~
געפעסטעט. דזוו איבערפ(י)עשטשען ←.
איבערפעקלען 1 — טרוו. פעקל איבער,
~געפעקלט. 1. איבערפאַקן אין אַן אַנדער
פעקל, פֿון איין פעקל אין אַ צווייטס. א, די
זאַכן פֿאַרן אַרויספֿאָרן אויף דאַטשע. 2.
איבערטראָגן, איבערבערענגען, איבערפֿירן ניט קיין
שווערע משׂא (פעקל, געפעק) פֿון איין אָרט
אויף אַ צווייטן. א, די וואַליזעס פֿון דער
באַןסטאַנציע אין האָטעל אַרײַן.
3. אַריבערפֿירן, טראַנספּאָרטירן עמעצן.
מאַכן מע זאָל עמיגרירן. „מרדכי קניט זיך ניט
פֿאַר אַן עמלקישן 'איך בין', דאַרף מען אַלע
ייִדן א אַהין„, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן
,
1894. „ציוניסטן איז אַזאַ...חבֿרה וואָס האָבן
חשק א, אַלע ייִדן קיין ארץ־ישׂראל“, שע,
קליינע מענטשעלעך. „נאָכדעם ווי מע האָט
אונדז איבערגעפעקלט אויפֿן שיף, איז אונדז
שוין פֿאַרבאָטן געוועז פֿונעם שיף אַראָפּצוגיין“,
דר, א. י פֿריידענבערג, זכרונות, בריסל 1938.

*א, עמעצן אויף יענער־וועלט = זײַן שולדיק, זײַן אַ גורם אין עמעצנס טויט. „...איך זאָל אײַך אויסרעכענען אַ צעטל וויפֿל זיי [די דאָקטוירים] האָבן איבערגעפּעקלט מענטשן אויף יענער־וועלט", שע, „דרײַ אַלמנות'.

4. איבערשיקן. א, די גאַנצע סחורה. „מיר וועלן זיך פֿאַרנעמען דעם גאַנצן פֿאַרמעגן און גלײַך א, קיין לאָנדאָן", פּ. ג., נסים מן השמים, לובלין 1914. 5. אַריבערפֿירן עפּעס (עמעצן) אומלעגאַל איבער אַ גרענעץ, איבערשמוגלען. מאַכן יד אַחת מיט דער גרענעץ־וואַך און א,

-

קאָנטראַבאַנד. א, אומלעגאַלע ליטעראַטור פֿאַר די רעוואָלוציאָנערן. „זיי ווילן בעסער על־פּי קבלה א, אַ שטיקל סחורה איבערן גרענעץ", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

מיט ז י ך — א, זיך אין אַן אַנדערער שטאָט און ניט לאָזן נאָך זיך קיין זכר. „ווען וועט שוין די זון אויף אונדז רחמנות האָבן און וועט זיך א, ערגעץ ווײַט הינטער די הײַזער", אַר, 'די פֿאַבריק'. „מיט ווײַב און קינדער, מיט איידעם און אייניקלעך איבערגעפּעקלט זיך איבערן ים קיין אַמעריקע", י״ז, קאַרנאָווסקי.

,,איך האָבּ ניט געזשאַלעוועט אויף קיין דאָקטער...אַבּי גיכער זי זאָל שוין זיך א'", ממום, קליינמענטשעלע. ,,אַלע האָבּן זיי זיך איבּערגעפּעקלט אויף יענער־וועלט, ווי מיט אַ בּיטערער מינע אַז דאָ...געפֿעלט זיי ניט", בּערג, בּײַס דניעפּעך ▯.

איבּערפּעקלען 11 — ← איבּערפּיקלען.

איבּערפּערזענלעך — אַדי. 1. וואָס איז מער, העכער פֿון דעם וואָס איז בּלויז פּערזענלעך. ,,דאַן וועט געשאַפֿן ווערן די גרויסע, א'ע מיטאָס־געשטאַלט פֿון הײַנטיקע צײַטן,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. ,,מע לעבּט לשם הויכע ווערטן, א'ע ווערטן", ימ, קוד, 1941. 2. וואָס איז שווערער ווי אַ יחיד קען (דאַרף) טאָן. ,,דער טראַגיזם פֿון דעם,

איבּערפּערען

וואָס נעמט אויף זיך אַ צו שווערע, א'ע משׂא פֿון אַחריות און פֿון לײַדן", צײַט, טמז, .III 19 4▯ ▯

איבּערפּערען — אוטוו. ־רע איבּער, ~ געפּערעט. מג. 1. איבּערשוימען, איבּערגיסן זיך. א, איבּערן טעפּל. 2. איבּערשטאַרצן. א,

איבערן פאַרקאַן. 3. טרוו. איבערקלאַפּן (גרעט).
א, די העמדער און די ליילעכער מיט אַ פּראַניק.
איבערפּראָבירן — טרוו. ־ביר איבער, ~(גע)־
פּראָבירט. 1. איבערקאָנטראָלירן אָדער
איבערשטעלן די פּראָבע. א, אַן אַלקאָהאָלישן
געטראַנק. א, גאָלדענע חפצים. 2. דזוו
איבערפּרוּוון. 3. איבעררעפּעטירן. א, די סצענע.
א, טענץ. ־ונג.
אי'בערפּראָגרעסי'וו — אַדי. ביז גאָר,
זייער פּראָגרעסיוו, איבער דער מאָס. אָפּט איר.
אַן א'ער שטאַנדפּונקט. דער א'ער פֿאָרשטייער.
־קייט.
איבערפּראָדוצירן — טרוו. ־ציר איבער,
~פּראָדוצירט. 1. פּראָדוצירן מער וויפֿל מע
האָט נייטיק, מע קען ניצן, פֿאַרקויפֿן. א,
לעדער; א, שיך. א, אויטאָמאָבילן. 2. פּראָדוצירן
אַנדערש. א אַן אַרטיקל, ער זאָל ווערן
צו,

ציִעוודיקער. „זיי האָבן ממש איבערפּראָדוצירט
און גלײַכצײַטיק אויסגעבעסערט די אופֿנים
פֿון פֿאַרקויף“, טמז, 22 1965 X ־ונג.

.

~פּראָדוצירט — אַדי, פֿאַר. „די א'ע

ייִדישע מצבֿות פֿון שידלאָווצע האָבן באַקומען אַ
שם,,, מ. וו. בערנשטיין, פּאַר, 3 IX 1964.
—קייט.
איבערפּראָדוקציע — די, בא. פּראָדוקציע,
סכום פֿון כּלערליי אויסאַרבעטונגען, וואָס
שטײַגט אַריבער די עקאָנאָמישע באַדערפֿענישן,
די געברויך־ און פֿאַרקויף־מעגלעכקייטן. די
א, וועט פֿירן צו אַן עקאָנאָמישן קריזיס. ,,ווען
דאָס פֿאָלק וועט איבערנעמען די פֿאַבריקן,
פֿעלדער, מינען און אַלע אַרבעט־
אונטערנעמונגען אין זײַן האַנט...דעמאָלט וועט ניט זײַן
קיין א, [אין טעקסט: '~פּראָדוקציאָן', נר]",
בֿ. פֿײַגענבוים, פֿאַרוואָס זײַנען אַזעלכע
שלעכטע צײַטן, נ,,י 1893.
איבערפּראַווען — טרוו. ־ווע איבער, ~
געפּראַוועט. 1 פֿאַרבעסערן, אויסבעסערן
נאָכ.
אַמאָל, פֿונדאָסנײַ. מאַכן אַ טעות בײַם
אויספּראַווען די חשבונות און א, זיי. צופּראַוועו
אַזוי, מע זאָל ניט דאַרפֿן א'. 2. אַריבערפֿירן.
א, עמעצן איבער אַ גרענעץ. א, מיט אַ שיפֿל
איבערן וואַסער. לאָזן דעם פּאַראָם און א,
די יאַרידניקעס מיט זייערע פֿורלעך. א, אויף
יענער־וועלט. 3. טאָן פֿאַרשיידענע אַרבעטן,

אַ לענגערע צײַט. א, וואָס עס לאָזט זיך נאָר.
א, כל עבֿודת־פּרך. אויך: א, פֿאַרשיידענע
העוויות, קונצן, שטוקעס.
אויך מיט ז י ך — „האָט ער געלאָזט בויען
אַ שיף...כּדי אַז ער וועט זיך דאַרפֿן אַמאָל
איבערצופּראַווען דאָס וואַסער, זאָל ער האָבן
די שיף, אַז ער זאָל זיך אויף איר א'„,
חייסחײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענזז, באַרדיטשעוו 1817.
איבערפּראָזאַאיש — אַדי. בּיז גאָר, זייער
פּראָזאַאיש. טרוקענע, א'ע רייד.

איבערפּראַזדנעווען — טרוו. ־נעווע איבער,
~געפּראַזדנעוועט. סל. איבעריום־טובֿן, ספּעצ
וועגן אַ ניט־ייִדישן יום־טובֿ. (בּײַטעם פֿון
ביטול). א, די חגאָות.
איבערפּראָזעווען — טרוו. ־זעווע איבער,
~געפּראָזעוועט. נעאָל. איבעראַרבעטן,
איבערשרײַבן, איבערדערציילן אַ פּאָעטיש ווערק אין
פּראָזע. "זאָל ער אונדז געבן די מעגלעכקייט
א'„, קאַליפֿאָרניער יום־טובֿ־בלעטער, ל"אַ 1955.
איבערפּראַזשען — טרוו. ־זשע איבער, ~
געפּראַזשעט. פּד. איבערבּרענען אויף קוילן.

א, שעפּסנפֿלייש. ־עכ□ן.
איבערפּראָיעקטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~פּראָיעקטירט. מאַכן אַ פּראָיעקט אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די גאַנצע אונטערנעמונג, דעם מאַרשרוט אאַזוו ־ונג.

□

איבערפּראָמען — טרוו. פּראָם איבער, ~ געפּראָמט. אַריבערפֿירן אויף (מיט) אַ פּ(אַ)ראָם. א, די פּויערים מיט די וועגלעך אויף דער צווייטער זײַט.
איבערפּראָפּן — טרוו. פּראָפּ איבער, ~ געפּראָפּט. 1. איבערשטאָפּן. א, דעם זאַק מיט שטרוי. 2. איבערקלאַפּן קאָרקן, אַרײַנשטאָפּן פּראָפּקעס. א, די פֿלעשער. דאָ אויך: ~ פּראָפּקעווען.
אי'בערפּראָפֿי'ט — דער, ־ן. פּראָפֿיט, רווח וואָס איז איבער דער מאָס. „דינגען זיו די קאַפּיטאַל־מאַגנאַטן וועגן...פֿאַרלאַנגטן טעקס אויף א'ך“, פֿאַש, 22 XII 1950.
איבערפּראַצעווען זיך — אוטוו. ־צעווע זיך איבער, זיך ~געפּראַצעוועט. זיך איבעראַרבעטן, איבערהאָרעווען זיך. אַרבעטן איבער די כּוחות און זיך א'. א, זיך און אַוועקפֿאַלן אַ געהרגעטער.

איבערפּראָצעסירן — טרוו. ־סיר איבער, ~פּראָצעסירט. נאָכאַמאָל (אין אַן אַנדער אינסטאַנץ) פֿירן אַ פּראָצעס. א, די דעלע (דעם ענין) אין קרײַזגעריכט. מיט ז י ך — קזוו.

־ונ▯.

איבערפּראַקטיצירן — דזוו אויספּראַקטיצירן ←.

איבערפּראַקטיש — אַדי. ביז גאָר, זייער פּראַקטיש, איבער דער מאָס (געוויינטלעך געניצט לגנאַי אָדער איר). אַן א'ער וואָס פֿאַרשפּאָרט אַ קאָפּיקע און פֿאַרלירט אַ רובל.

־קייט.

איבערפּראָשען — טרוו. ־שע איבער, ~ געפּראָשעט. סל. איבערשטויבן. א, די פֿירהענגלעך.

איבערפּרובירן — טרוו. ־ביר איבער, ~(גע)־פּרובירט. 1. דזוו איבערפּראָבירן. 2. ← דוווו. „טאָמער גלייבט עמעץ ניט אין דער ווירקונג פֿון די דאָזיקע סגולות, זאָל ער עס א'“, מ. וו. בערנשטיין, פֿאָך, 17 XI 1963.

־ונג.

איבערפּרווון — טרוו. פּרוּוו איבער, ~ געפּרוּווט. 1. פּרוּוון טאָן פֿאַרשיידנס, אַ צאָל זאַכן; אָננעמען פֿאַרשיידענע מיטלען. א, מיט גוטן און מיט בייזן. „וואָס איך האָב אַלץ

איבערפרעפלען

שוין איבערגעפרווט, אָבער ביז איצט קיין
הצלחה ניט געהאַט“, פּב. „ער האָט שוין
איבערגעפּרווט אַלע רפוּאות“, ב. פּאָלעוואָי,
סאָוו, היימלאַנד, 2 .3 .1962, No. קאָנטראָלירן
נאָכאַמאָל, דערגיין פֿונדאָסנײַ די ריכטיקייט פֿון
אַן אויספֿיר, השערה אע. „א, די השערה“,
מוו, ייִשפּ 2 ,XIII־3. “אויף איבערצופּרווון נאָך
גרונטיקער די אויספֿירן“, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן. 3. נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ שטעלן (
עמע,
צן) פֿאַר אַ נסיון. א, דעם צדיק. „און דער
שׂטן האָט אַלץ איבערגעפּרווט מיטן
אומגליקלעכן מענטשן„, פֿרוג 4 .III. אויספּרווון אַ
צאָל מאָל. א, ס'מזל. א, צי עס גייט אַ קאָרט.
„שפּעקולירט אין גרונט אויף טרעפֿן אַ
געוויסן ניואַנס — דורך מישן אָן אַ שיעור די
פֿאַרב, פּרווון און אויספּרווון און א',„ נאַד,
טינט און פֿעדער, נ„י 1936. 5. דזוו
איבערפּראָבירן, איבערפּרובירן. מיט ז י ך — זיך
א, צי מע קען עס טאַן.

־עכ▯ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערפּריידיקן — טרוו. ־דיק איבער, ~
געפּריידיקט. פּפֿ: ~פּרעדיקן. פּריידיקן
נאָכאַמאָל, ווידער, אויף אַן אַנדער אופֿן. כּסדר
א, דעם זעלביקן מוסר.
איבערפּרײַז — דער, ־ן. צו הויכער פּרײַז.
מאַכן אַ פֿעטע קאַלקולאַציע און שטעלן אַן א'.
איבערפּרײַזן — טרוו. פּרײַז איבער, ~
געפּרײַזט. שטעלן אַ צו הויכן פּרײַז;
פֿאַרלאַנגען אַן איבערפּרײַז. א, די סחורה און בלײַבן
שטעקן מיט איר.
איבערפּרײַכן — אוטוו. פּרײַך איבער, ~
געפּרײַכט. פּרײַכן, סאָפּען אַ לענגערע צײַט.
אַרויפֿלויפֿן אויף די טרעפּ און דערנאָך א,
אַ האַלבע שעה.
איבערפּרעגלען — טרוו. ־גל איבער, ~
געפּרעגלט. 1. איבערקאָכן אָן וואַסער (אין פֿעטס
אָדער אין צוקער) אין אַן אָפֿענער כּלי. א,
אײַנגעמאַכטס. א, די ניט־דערפּרעגלטע פֿיש.
2. צופּרעגלען אַ ביסל. א, אַ פּאָר מינוט.
„צעלאָזט די פּוטער, גיט צו די ציבעלעס,
פּרעגלט זיי איבער ביז זיי ווערן ווייך, אָבער
ניט צו ברוין„, פּאָר, 3 .24 X 1965. פּרעגלען
צו פֿיל (צו לאַנג), מער ווי ס'איז נייטיק.
א, און פֿאַרברענען די לאַטקעס. מיט ז י ך.

־עכ‌ן. ־עניש.

אי'בערפּרעטענציע'ז — אַדי. ביז גאָר, זייער פּרעטענציעז. וואָס קומט מיט צו גרויסע פּרעטענזיעס. צו גאוודיק, גרויסהאַלטעריש. א'ער קינסטלער.

איבערפּרעסן — טרוו. פּרעס איבער, ~ געפּרעסט. 1. פּרעסן (מיט אַן אײַזן אָדער פּלעט) נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א, די הויזן זיי זאָלן זײַן מיט אַ קנייטש. 2. פּרעסן אַ סך. א, דאָס גאַנצע געוועש. 3. שטאַרקער אײַנדריקן, אײַנקוועטשן. א, דעם לויז געוואָרענעם באַל פּאַפּיר. מיט ז י ך. ־עכץ ־עניש. ־ער

.

(־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבערפּרעפּלען — טרוו. ־פּל איבער, ~ געפּרעפּלט. איבערזאָגן גיך, שטיל, אומקלאָר. א, די זעלביקע תּפֿילה. ־עניש.

איבערפּרעציז

אי'בערפּרעצי'ז — אַדי. ביז גאָר, זייער פּרעציז, איבער דער מאָס. עקספּערימענטן וואָס מע קען ניט זײַן בײַ זיי א,. ־קייט.

איבערפּשטלען — [...פּשעטלען] טרוו. פּשטל איבער, ~געפּשטלט. איבערטײַטשן אויף אַ

געדריידלטן אופֿן (ניט ווי עס איז דער פּשוטער
באַטײַט, נאָר מיט אַן אומוועג און אויף ניט
קיין לאָגישן דרך). א, אַ פּסוק. א, די פֿאַקטן,
זיי זאָלן שטימען מיט זײַן טעאָריע. מיט
ז י ך — זיך פֿאַרפּלאָנטערן בײַם אויספּשטלען
עפּעס. ־עניש.
איבערפּשטן — [...פּאַשטן] דער, ־נים [...
טאָני] . וונ נבֿ. נעאָל. ווער עס טײַטשט אויס
אַלץ אויף אַ צו פּשוטן אופֿן, צו פּרימיטיוו.
,,די אונטערשיידן צווישן [זיי] זײַנען געווען...
אינטעלעקטועלע...[איינע] — דער בקי און
חריף, [דער אַנדערער] — דער א',,, גדינג,
בלעטלעך פֿון אַ טאָגבוך.
איבערפֿאַבריציר ן — טרוו. ־ציר איבער,
~(גע)פֿאַבריצירט. פֿאַבריצירן, אויספֿאַרטיקן
אַן אַרטיקל, אַ סחורה נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ,
אויף אַן אַנדער אופֿן. מוזן א', ווײַל דער
רוישטאָף האָט ניט געטויגט. א, דעם
קאָנקורענטס נײַעם שטאָף. פֿיג. איבערמאַכן (רייד,
קלאַנגען, בלבולים אע). ־ונג. א'ט — אָדי,
פּאַר. א'ע פּראָדוקטן.

איבּערסאָדערן — טרוו. ־ער איבּער, ~ געפֿאָדערט. 1. פֿאַרלאַנגען פֿאָדערן ווידער, נאָכ, אַמאָל. א, די בּאַשטעלונג וואָס איז נאָך ניט אָנגעקומען. 2. פֿאָדערן פֿאַרשיידנס, אַ סך. אַ פֿרוי וואָס הערט ניט אויף איבּערצופֿאָדערן צירונגען. 3. אַריבּערפֿאָדערן, אַריבּערבּרענגען. א, טאַטעמאַמע קיין אַמעריקע. ־ונג.

איבּערסאָטאָגראַפֿירן — טרוו. ־פֿיר איבּער, ~(גע)פֿאָטאָגראַפֿירט. נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ, אָדער אַ צאָל מאָל פֿאָטאָגראַפֿירן. א, אַלע בּילדער פֿון דער אויסשטעלונג. „נאָך אין זעלבּיקן יאָר...האָט ע..איבּערפֿאָטאָגראַפֿירט אין איין בּאַנד דעם 'יד החזקה', וואָס איז געוועזן געדרוקט צום ערשטן מאָל אין רוים, אין 1480", הרבֿ א. בּ. שורין פֿאָר, 9 1965 II.

איבּערפֿאַל — דער, ־ן. אַקט פֿון איבּערפֿאַלן.

1. ספּעצ. אָנפֿאַל פֿון אַ שׂונא, פֿון פֿײַנדלעכע
חיילות, פֿון אַ באַנדע אע. „איין גרושׂ חייל
האָט מוזין אַכטונג געבּן אויף דער גרענעץ
פֿון אוקרײַנא אַלז נור קיין איבּר פֿאַל גשעהן
זאָל„, מעסtה או□ו. „וואו ערגעץ אַ צרה...אַן
א, פֿון גזלנים“, שע, 'פֿיר זײַנען מיר געזעסן'.
„די אומה זיבער שוין פֿון א', גאַרט נאָך
אָפּרו נאָך באַרעכטיקטער“, אַל, 'יהודה המכּבּי'.
„יעדער נאַציע האָט אַ רעכט...צו פֿאַרטיידיקן
איר אומאָפּהענגיקייט אַנטקעגן אַ וואָס פֿאַר
אַן א, ניט איז“, זשיט II□, נ„י 1917. אַ
לופֿט־א, = אַן אָנפֿלי פֿון שׂונאס
באָמבּאַרדירעראָפּלאַנען.
2. אַקט פֿון אַגרעסיע, אַטענטאַט. אַן א, אויף
אַ דורכגייער אין מיטן העלן טאָג. „און אַליין
אויספּלאַנעווען אַן א', אַן אַגרעסיע„, פֿאַש,
25 1952 □I. „ער איז בשלום אַרויס פֿון בּעט
נאָך דעם א, וואָס די סטרײַקערס האָבּן אויף

3. אים געמאַכט„, בּ. דעמבּלין, ערבֿ נאַכט.
אָנפֿאַל מיט ווערטער פֿײַנדלעכע פּראָפּאַגאַנדע.

—
.
ווילדער א, פֿון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע.
4. יעדער מין אָנפֿאַל. א, פֿון אַן עפּידעמיע.
אַן א, פֿון שווערער מעלאַנכאָליע.
א'־קאָמאַנדע — די, ־ס. 1. מיליטע
רישע פֿאָרמאַציע; אָפּטייל אין אַן אַרמיי (אין מלחמה) וואָס האָט די פֿונקציע צו צעטומלען דעם שׂונא און אָפּשוואַכן בײַ אים די קראַפֿט פֿון ווידערשטאַנד. אויך אָפּטייל פֿון פּאָליצײַ אין אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים. 2. ספּעצ. „לויטן דײַטשן מוסטער איז אין לאָדזשער געטאָ אין 1941 אַנטשטאַנען אַ ספּעציעלע אָפּטײלונג פֿון דער מיליץ...צווישן דער דאָזיקער א'־ק', וועלכע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע... צעטרײַבן דעמאָנסטראַציעס..., ניט דערלאָזן קיין שטרײַקן, זײַנען געווען פֿיל מענטשן מיט אורטיילן פֿאַר קרימינעלע פֿאַרבּרעכנס“, בּלום. „די א'־ק'...האָט געהאַט די אויפֿגאַבע אומגעריכט צו בּאַפֿאַלן ייִדישע שטובּן און דורכפֿירן רעוויזיעס„, ירחמיאל בּריקס, אונזער צײַט, אַפּריל־מײַ 1956.
איבּערפֿאַלבּן ▯רוו פֿאַלבּ איבּער, ~
געדן. מאַכן די פֿאַלבּן

ווי— .

פַאלבט. פפ: ~פאַ

דער, אַנדערש. איבערקנייטשן. א, דאָס פּאַפּיר.

א, דאָס קליידל.

אי'בערפֿאַלן — אוטוו. פֿאַל איבער, ב י ן

~געפֿאַלן. 1. ניט געדויערן, ראַש פֿאַרגיין.

,,'כצל עובֿר, — מײַן אָנהייב איז פֿון דער

ערד און מײַן סוף איז צו ווערעם, מײַנע טעג

זײַנען ווי אַ שאָטן וואָס פֿאַלט איבער, איין

נײַע שס תּחנה, ששה סדרים, פּיעטריקאָוו 1881.

2. דזוו איבערפֿאַלן, טרוו. באַפֿאַלן, אָנפֿאַלן.

מלל פֿאַרטײַטשט 'ופשטת על העיר, (שופֿטים,

ט, 33): ,,איבר פֿאַלן א ו י ף..,, [תּי: ,,זיך

אַ לאָז טאָן אויף...]. ,,האָסט געהייסן א,

א ו י ף מײַן קאַרעטע...מע זאָל זי ניט לאָזן

פֿאָרן,,, נסים ונפֿלאות. ,,עס האָט זיך זיי

געדוכט...אינקורצן ועלן די פֿראַנצויזן אויך א

יב ע ר זיי א'", אמד, די וויסטענײַא זאַהאַדאַ,

ווילנע 1868. ,,ביז עס מאַכט זיך אַן 'אָבלאַווע,

...מע פֿאַלט איבער א ו י ף די ייִדישע

אַכסניות אין מיטן האַלבע נאַכט מיט

זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטן,,, שע, פֿונעם יאַריד II.

3. דזוו אַריבערפֿאַלן. א, איבער די פּאָרענטשעס.

4. דריטפערזאָניק. פלוצלונג באַהערשט

ווערן פֿון אַ געפֿיל, אַן איבערלעבונג. „,שוין אין דעם ערשטן טאָג פֿון אונדזער אַרײַנטרעטן אין דיזן מדבר, איז איבערגעפֿאַלן אַ שרעקלעכער קומער א י ב ע ר אונדז“, אמד, די וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע 1868.

5. אַרײַנבאַקומען ביסלעכווײַז. „,וויפֿל לייזונג איז דיר הײַנט איבערגעפֿאַלן?„, רייד. „,עס פֿאַלט איבער דעם קעלנער פֿון טרינקגעלט מער וויפֿל עס איז די שׂכירות זײַנע“, רייד. אי'בערפֿאַלן — אַקוזוו, דריטפּערזאַניק. ← דפֿוו. 1. דזוו ב3 איבערפֿאַלן, אוטוו. אַ הונגער וועט זיי א'. „,איז ער פּלוצעם שטיל געבליבן און עס איז אים איבערגעפֿאַלן אַ ציטערניש„, מ. מ. אויזעדקיס, צעזייעטע און

איבערפֿאַלן

צעשפּרייטע, לעמבערג תּרס“ז. „,אַן אומבאַהאָלפֿנקייט איז אים איבערגעפֿאַלן“, אַש. 2. (וועגו אַ קראַנקייט) פּלוצלינג באָפֿאַלן און באַהערשן דעם קראַנקן. „,וואשׂ פֿאַר איין זעלצימי [= זעלטענע] אונערהערטי קראַנקהייט אונ, ביקימירניש מיך איבר פֿאַלין [←. איבערפֿאַ'לן] האָט“,

גה, 280. „איז זי איבערגעפֿאַלן געוואָרן מיט איינע שווערער קראַנקהייט“, אמד, וויגדערקע דער שטראז אינגעל, ווילנע 1872.

אי'בערסאַלן — טרוו. 1. אומגעריכט אָנפֿאַלן כּדי צו באַזיגן, אונטערטעניק מאַכן, שלאָגן, רויבן (וועגן אַן אַרמיי אָדער אַן אָפּטייל פֿון שׂונאס אַרמיי, אַ המון, אַ גרופּע, אַ באַנדע אע). „ווער וויל אונז איבר ואַלן [= איבערפֿאַלן] אונ, אין אונזרן ועשׂטינג [= פֿעסטונג] קומן„, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, כא, 13. “די מאַרק טענר זענין הינטון גבליבן, דא האָט זיא דער שׂונא איבר פֿאלין„, 'שו“ת ב„ח, פּפֿדמ 1797 [הש I].

„די קליינע קאָמאַנדלעך שפּאַניער...זענען איבערגעפֿאַלן געוואָרן פֿון די פֿראַאַנישע לײַט , חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח, באַרדיטשעוו 1817. „האָבן אונטערגעפֿלאַמט דעם פּעבל...זענען זיי איבערגעפֿאַלן די גרויסע שול„, קמ, 1867, No 25. „די פּויערים פֿון אַלע דערפֿער האָבן געמאַכט יד־אַחת, מען איז איבערגעפֿאַלן די ייִדן פּורפּלאַט...צערויבט, צעשלעפּט...צעבראָכן, צעשטאָכן, צעריסן, צעפֿליקט ווי חיות רעות„, ג. ח. לעוונער, דעם שוחטס טאָכטער, ווילנע

1897. (איר). ,,הערט נאָר אַ ביסל ווי ער האָט זיך צעשריגן! גזלנים זײַנען אים איבערגעפֿאַלן,,, ממוס, פּריזיוו.

2. מאַכן אַן אָבלאַווע, אַן אָביסק(ע). (וועגן פּאָליציי) אַרומרינגלען און זוכן (כּדי צו קאָנפֿיסקירן, אַרעסטירן). ,,פּלוצלינג איז אַ קאָמיסאַר...און פּאָליציײניקעס איבערגעפֿאַלן דעם רבּיס קלײַזל...צו קבלת־שבת“, יפּ. ,,דער רעוויזאָר פֿונעם אַקציז מיט...פּאָליציי־לײַט זײַנען פּלוצעם איבערגעפֿאַלן בנימינס הויז“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה,. ,,מיטאַמאָל, ווען אַלע שלאָפֿן, מאַכט מען אַן אָבלאַווע פֿאַלט איבער די...

,

קינדער און שלעפּט אַוועק“, קמ, 45 1868, No.

3. אָנפֿאַלן כּדי צו שלאָגן, זידלען. א, ווי אַ שיכּורער גוי. א, מיט קללות וו אַ מאַרקי

יִדענע. 4. אַרומרינגלען מיט אַ געטומל, זיך שטופּן אַרום עמעצן אָדער עפּעס. א, אין בית־מדרש דעם אורח פֿון דער ווײַט. א, דעם הענדלער מיט די מציאות. ,,און איידער דער פֿויער האָט אויספּייעט צו ענטפֿערן, זײַנען די אַלע ווײַבער איבערגעפֿאַלן דעם וואָגן,,, ממוס, מסעות. ־ונג.

איבּערפֿאַ'לן — איבּערפֿאַ'ל, ~פֿאַ'לן. אַרכ.

1. אוטוו, אַקוזוו. בּבּ ← אי'בּערפֿאַלן, אוטוו & אַקוזוו. אויך: געטראָפֿן ווערן פֿון עפּעס. „דיא עלטר דיא איז אונז איבּר פֿאַלן...„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „אונ, ווײַל זיא דיא נאַכט איבּר פֿאַלן איז, זײַנן זיא גצוואונגן גוועזן זיך צו בּגעבּן אין איין היל„, שאַר. „ווער מיט פֿיל עבֿירות איבּר פֿאַלט, אין גיהנם פֿר שווינד“, ה, פֿיורדא 1723. “ווער איבּר פֿאַלין מיט קינדר, דז ער נון זײַן לעבּי טאָג קיין צײַט

איבּערפֿאַלעיש

העט תּורה צו לערנין, שבֿט מוסר, פֿיורדא 1763.

2. טרוו. בּבּ ← אי'בּערפֿאַלן, טרוו. „ובֿאשר מיר בּכּח מיט זולכי חרמו, איבּר פֿאַלן...ע„כּ בּלאַנגט מײַן בּקשה...“, 'בּריוו פֿון זלמן מר פּיס', זולצבּאַך תּקט“ז [יסtראל היילפּרין, ועד ארבּע אַרצות, ירושלים תּש„ה]. „ער איבּר פֿאַלט זיא פּלאַץ ופּתאום אונד פֿאַנגט זיא אַללי לעבּנדיג כּמה וכמה אַלפֿים“, מעה אומן. „דס פֿאָלק הט אבּר אוף זיי גולאָקורט אונ

זענען זיי אויף דעם וועג אובֿור פֿאַלון און

כל אַשר להם אַוועק גינומון,,, שארית י𝕃trאל, ח,,ש מספּר יוסיפֿון, לעמבֿערג? ־ונג.

איבֿערפֿאַלעניש — דאָס (ד𝕃), ־ן. געדויערדיקער אָדער פֿילמאָליקער פּראָצעס פֿון איבֿערפֿאַלן. א'ן פֿון בֿויאַנעס אין די זײַטיקע געסלעך. ,,מאַלע וואָס עס קען זיך מאַכן: אַ בייזע מהומה, אַן א',...באַהיט זאָל מען ווערן“, ממוס, אַסיפֿות'.

,

איבֿערפֿאַלער — דער, (־ס). ונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿאַלט איבֿער (איבֿערפֿאַלן טרוו אין אַלע בבֿ). ,,עס האָט אויך קיינער די א, ניט געשטערט“, פּסח מאַרקוס, טמז, 5 𝕃 l953 I. ,,זיי האָבן געהיט די ייִדישע פּרדסים פֿון די אַראַבישע א',,, טמז, 12 1963 II ־יש — אַדי.

.

־ישקייט.

איבֿערפֿאַלצן — טרוו פֿאַלץ איבֿער, ~ גע. פֿאַלצט. ווידער, אַנדערש פֿאַלצן. א, עטלעכע דרוקבֿויגנס. ־עניש.

איבֿערפֿאָלק — דאָס, ~פֿעלקער.

אייבערפֿאָלק. אַ פֿאָלק וואָס איז (האַלט זיך) העכער, בעסער פֿון אַנדערע פֿעלקער. אַ פֿאָלק וואָס צייכנט זיך אויס מיט גרויסע פֿעאיקייטן און העכערער מאָראַל. "יענער [בלע] האָט 'מה טובֿו, געזאָגט...דרך־ארץ און ערפֿורכט געהאַט ווי פֿאַר אַן א',,, פרץ, געדאַנק ו און אידייען. ,,ניטשע האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַמאָל אין אַ מינוט פֿון דורכלײַכטונג אָנגערופֿן דאָס א',,, צײַט, טמז, 1958 י 6.

איבערפֿאַלשעווען — לטשעווען. אוטוו — ־שעווע איבער, ~ געפֿאַלשעוועט. פּפֿ: ~פּאַ — פֿאַלשעווען אַ סך, בײַ פֿאַרשיידענע סיטואַציעס. א, בײַם קויפֿן־פֿאַרקויפֿן. טרוו — ווידער, אַנדערש מאַכן פֿאַלשע זאַכן. א, פערל, בריליאַנטן.

איבערפֿאַנאַטיש — אַדי. זייער פֿאַנאַטיש, איבער דער מאָס. אַן א'ער פּאַרטיי־מיטגליד. ־קייט.

איבערפֿאַנגען — טרוו. פֿאַנג איבער, ~ געפֿאַנגען. 1. פֿאַנגען אַ צאָל. א, די זינגפֿייגעלעך אין וואַלד. 2. איבערנעמען מיט כיטרעקייט אָדער מיט מתנות. איבעררעדן. א, די

פֿאַרבלאָנדזשעטע נשמות.
איבערפֿאַנטאַזירן — ־זיר איבער, ~(גע)־
פֿאַנטאַזירט. אוטוו — פֿאַנטאַזירן וועגן אַ סך,
וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן. „וואָס מע קען נאָר
א, אין איינע צען מינוט„, רייד. טרוו —
איבערגעשטאַלטיקן אין דער פֿאַנטאַזיע וואָס
איז שוין פֿריִער אויסגעחלומט געוואָרן. א, אָלע

לופֿטשלעסער, זיי איבערבויען מיט אַ גרעסערן
פֿאַרנעם. ־ונג.

-

איבערסאַנירן — טרוו. ־ניר איבער, ~(גע)־
פֿאַנירט. (סטאָליערײַ) נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ
באַדעקן, איבערציִען, איבערקלעפּן מיט פֿאַניר.
"די ווירקונג פֿונעם קלײַ איז אָפֿט אַזוי גרויס
אַז כּדי אויסצוגלײַכן די טאָלן וואָס באַקומען
זיך אויף דער אייבערפֿלאַך, מוז מען
אַראָפּצופּן דעם גאַנצן פֿאַניר און אַ צווייט מאָל א'„,
בער. ־ונג.
איבערפֿאַסאָנירן — טרוו. ־ניר איבער, ~(גע)־

פֿאַסאָנירט. (באַקליידונג־פּראָפֿעסיעס) בײַטן, איבעראַנדערשן דעם פֿאַסאָן. א אַ מאָדעל.

,

־דנג.

איבערסאַסטן — אַקוזוו. פֿאַסט איבער, ~ גע פֿאַסט. 1 פֿאַסטן אַ צאָל מאָל, אַ סך מאָל.

- . —

א, אַלע תּעניתים. 2 פֿונדאָסנײַ פֿאַסטן. א,

.

דעם תּענית־ציבור, ווײַל די ספֿר־תּורה איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד. מיט ז י ך — צו פֿיל פֿאַסטן. איר. א, זיך מיט אַ האַלבן עוף. „ער האָט זיך אַוודאי איבערגעפֿאַסט — ער איז דאָך אַזאַ פּוכלער אין תּעניתים!“, אַר, אַ פֿאַרגרעבט שטעטל'.

,

איבערסאָצעווען — טרוו. ־צעווע איבער,
~געפֿאָצעוועט. ל2. אוקר. 1. אַריבערכאַפּן
מאָס אָדער וואָג; אָפּוועגן, אָפּמעסטן מער.
אַריבערוועגן, אַריבערמעסטן. א, בײַם אָפּוועגן
ווי אַ קרעמער אַ בטלן. 2. אָפּטאָן עפּעס אויף
גיך, אין אײַלעניש, ניט ווי עס געהער צו
זײַן. א, דאָס דאַווענען ווי אַ ייִנגל אַ
גענאַרניק. 3. איבערכאַפּן די מאָס בײַם רעדן,
פֿרעגן. „איך וואָלט אײַך געפֿרעגט נאָך עטלעכע
קשיות, נאָר איך האָב שוין אַזוי אויך
איבערגעפֿאָצעוועט„, מרדכי אָסטראָווסקי, אַ מענטש
אָן אַ קאָפּ, זשיטאָמיר 1876. 4. אוטוו. ניט
טאָן וואָס מע באַדאַרף. „מע פֿאָצעוועט איבער
און מע שרײַבט ניט“, בריוו.
איבערפֿאָר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבערפֿאָרן ←. 2. אָרט וואו מע פֿאָרט
אַריבער (אַ פֿלאַך אָרט אין אַ טײַך, אַ בריק,
אַ טאָל צווישן בערג אע). בריק איבער אַ
וואַסער. Iב פֿאַרטײַטשט 'מעבֿר, (בראשית,
לבֿ, 23): „איבר פֿור“. תּי — א'. „איבר פֿור
דען איבר פֿור יעבק„, טח. „און, די לײַט
פֿון גלעד ביגריפֿן זי און, שעכטיטן די פֿון

[אפֿרי] צו דער איבּר פֿור,,, סהמ, שופֿטים, יבֿ, 6.

-

איבּעדסאַר־ — די ווערטער־וואָס מע
שטז או וז שטאַס.

ע
פֿינט ניט מיט איבּ סאַר... ←
פּאַר + דעס ער

-

איבּערסאַרבּן — טרוו. פֿאַרבּ איבּער, ~
געפֿארבּט, ~געפֿאָרבּן. 1 פֿאַרבּן נאָכאַמאָל,
פֿונ— .
דאָסניי; בּייטן די פֿאַרבּ פֿון עפּעס. א, דעם
גאַנצן בּנין. א, די האָר. א, דאָס מעבּל אויף
בּרוין. א, דאָס געלע קלייד אויף בּלוי. ,,אַן
אַלטע...סיצענע קלייד איז...שוין ניט ווערט
דאָס געלט וואָס דאָס א, דאַרף קאָסטן, ש.
שפּיראָ, קליידער פֿאַרבּערײַ, וואַרשע 1900. ,,האָט

ער זיך דערמאָנט אַז ניט ווײַט איז פֿאַראַן אַ
ייִד וואָס האָט קליידער איבערגעפֿאַרבט“, י.

-

איבערפּאַרטײַטשן

ראָלניק, 'איך און מײַן שותּף'. 2. פֿאַרבן
אַ סך. „וויפֿל צימערן איך האָב שוין
איבערגעפֿאָרבן אין מײַן לעבן„, רייד. מיט ז י ו —
זיך א, אויף אַ בלאָנדינקע. אויך פֿיג. ־ונג.
־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערסאַרדײַען —— טרוו. ־דײַ(ע) איבער,
~פֿאַרדײַ(ע)ט. פּפֿ: ~פֿאַרדייען. גוט,
אינגאַנצן פֿאַרדײַען. אַ געזונטער מאָגן קען אַלץ
א'. פֿיג — ביזן סוף אָדער אַנדערש תּופֿס
זײַן, באַנעמען. „קענען נאַך ניט ווי געהעריק
אויפֿנעמען און א, אין אונדזער גײַסטיקן
מאָגן“, שטריגלער. ־אונג.

-

איבערסאַרדינגען — טרוו. ־דינג איבער,
~פֿארדונגען פֿאַרדינגען וואָס מע האָט אַליין
—
.
געדונגען. א, אַ העלפֿט פֿון דער געדונגענער
דירה. מיט ז י ך. ־עכ ן. ־עניש. ־ער.

איבערסאַרדינען — טרוו. ־דין איבער, ~(גע)־
פֿאַרדינט פֿאַרדינען אַ לענגערע צײַט,
ביסלעכ— . —
ווײַז — ביז צו אַ גרויסער סומע. א, אַ צענערל
אויף דעם רומל סחורה. „ער האָט אַזוי פֿיל
האָר אין קאָפּ ניט וויפֿל ער האָט
איבערגעפֿאַרדינט פֿון ר, חיימען“, ממוס, שלמה.
איבערפֿאָרונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערפֿאָרן. אַ שווערע א'.
„גאַר געך קומט דאשׂ איבּר פֿארונג פֿון שטורם
ווינד„, סהמ, משלי, י, 25. 2. אַרכ.
געשעעניש פֿאָרקומעניש. „דען דשׂ איבּר פֿאַרן
,
דז דער מענש פֿון עולם קומט [דה זײַן

אַוועקגיין פֿון דער וועלט] איז דעם מענשן אַרגר
ווערדר אַל דאשׂ איבּר פֿארונג פֿון אַלי זכן
אים עולם“, סהמ, איובֿ, יד, 6.

איבּערסאַרזייען — טרוו. ־זיי איבּער, ~
פֿאַרזייט פֿאַרזייען נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ, אַנדערש.
א, די פּאָמידאָרן מיט מער באַמיסטיקונג. פֿיג.
א, קערנדלעך פֿון האַס, שׂנאה.

-

איבּערסאַרזײַערן — טרוו. ־זײַער איבּער,
~פֿארזײַערט. 1 פֿאַרזײַערן, אײַנזײַערן, (
אי—
בּער)שטעלן נאָכאַמאָל, אַנדערש. א, די (האַלבּ־)־
געזײַערטע אוגערקעס. א, קרויט און אַרײַנטאָן
מער קימל מיט בּרוסניצעס. 2. צו פֿיל,
איבּער דער מאָס זויער מאַכן. א, דעם בּאָרשט,
די קרויט. פֿיג. א, אַלעמען דאָס לעבּן.

איבּערסאַרזיכערן — טרוו. ־ער איבּער,
~פֿאַרזיכערט. 1. שטאַרק פֿאַרזיכערן, צוזאָגן.
א, און איבּערשווערן אַז אַלץ וועט אַדורו
גלאַט. 2. ווידער, אַנדערש, אויף מער
פֿאַרזיכערן פֿאַרסטראַכירן. א, די קאָלעקציע
בּיל,
דער. מיט ז י ך. ־ונג.
איבּערפֿאַרזעצן — טרוו. ־זעץ איבּער, ~פֿאַר
זעצט. 1. פֿאַרזעצן נאָכאַמאָל, אַנדערש. א, די
בּוריקעס. 2. ווידער פֿאַרמשכּונען (דאָס וואָס
מע האָט אַליין בּאַקומען ווי אַ משכּון). „די
ערד איז פֿאַרזעצט, איבּערפֿאַרזעצט, איבּער
פֿאַרמשכּונט“, בּערג, בּײַם דניעפּער II ־ונג.
—
.
־עכ ן.
איבּערפֿאַרטײַטשן — טרוו. ־טײַטש איבּער,
~פֿארטײַטשט פֿאַרטײַטשן נאָכאַמאָל,
פֿונדאָס—
.
נײַ, אַנדערש. א, פֿאַר די קינדער אַ שווערע
מאַטעמאַטישע פֿאָרמל, א, די פּרשה אע.

איבּערפֿאַרטיילן

איבערפֿאַרטיילן — טרוו ־טייל איבער,

.

~פֿאַרטיילט. 1 פֿאַרטיילן, אויסטיילן

חלקים.

ווײַז נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א, דאָס געוועער צווישן

די פּאַרטיזאַנען. 2. פֿאַרטיילן צווישן אַ צאָל.

א, די ירושה איך צווישן די ווײַטסטע קרובֿים.

־ונג — א, פֿון די קאָלאָניעס. א, פֿון

אַרבעטקראַפֿט ־עכ ן —עניש ־ער.

. . .

איבערפֿאָרטלען — טרוו. ־טל איבער, ~

געפֿאָרטלט. 1. אָפּנאַרן, גענאַרן.

איבערכיטרעווען. טוו פֿאַר 'אונאה, — „איבר פֿארטלין“,

שווב. „קויפֿן שמוק אָנע געפֿאַר צו ווערן

איבערגעפֿאָרטלט„, אמד, איין הונד אַלס שדכן,

ווילנע 1878. 2. בײַקומען, איבערשטאַרקן מיט

אַ פֿאָרטל, אײַנפֿאַל. מלל פֿאַרטײַטשט 'נינם

יחד, (תּהליס, עד, 8): „איבר פֿאָרטלין, דר

שלאָגין“ [תּי: „פֿאַרטיליקן].

איבערפֿאַרלירן — טרוו. ־ליר איבער, ~

פֿאַרלאָרן. 1. פֿאַרלירן, אָנווערן אַ לענגערע צײַט.

א, געלט אין קאָרטן. א, אין ספּעקולאַציעס,

אויף דער בערזע. 2. פֿאַרלירן נאָכאַמאָל,

פֿונדאָסנײַ. א, די דעלע אין אָקרוזשנאָי סוד

(העכערן געריכט).

איבערפֿאָרמולירט — אַדי. ← דוווו. א'ע פּאַרטיי־פּראָגראַם. „דער א'ער משל פּאַסט זיך צו אונדזער נמשל“, ימ, צוויי רעפֿעראַטן, 1954.

־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

איבערפֿאָרמולירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)פֿאָרמולירט פֿאָרמולירן נאָכאַמאָל, פֿון.

דאָסניַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די באַשלוסן, רעזאָלוציעס, די פּראָגראַם. א, דעם גאַנצן ענין. „אָט דער מאַטעריעלער ענטפֿער זייערער דאַרף רעליגיעז איבערפֿאָרמולירט ווערן“, בּ. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע. „די אַרבעט ...וועגן לאָדזשער יִידיש איז אַזוי דורכזיכטיק און סיסטעמאַטיש, אַז א, זי פֿאָנעמיש איז כמעט ניט מער ווי אַ טערמינאָלאָגישע שפּיל“, אוריאל ווײַנרײַך, ייִשפּ 4 ,XIII. ־ונג.

איבערפֿאָרמירן — טרוו. ־מיר איבער, ~(גע)־פֿאָרמירט. פֿאָרמירן, געשטאַלטיקן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניַ, אויף אַן אַנדער אופֿן, לויט אַן אַנדער (נײַער) פֿאָרעם. א, די גאַנצע קולטוראַרבעט פֿון דער אָרגאַניזאַציע. „...האָט געשטרעבט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן פֿון זײַן צײַט איבערצופֿאָרמירן אויף דער געשטאַלט

פֿון דעם גריכישן,,, א. האַרקאַווי, דיא יודישע
רעוואָלוציאָן, נ"י 1892. ,,זי קען איבערקנעטן
איר פּנים, זי קען עס א, אין קרומע ליניעס,,,
מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. ־ונג.
איבערפֿאָרמעוו — טרוו ־מעווע
ען .
ן.
צו— איבער,
~געפֿאָרמעוועט. פּפֿ: ~פֿאָרמענע
געבן אַן אַנדער פֿאָרמע אָדער פֿאָרעם.
איבערפֿאַסאָנירן. א, די פֿרויען־קליידער צום נייעם
סעזאָן.
איבערפֿאַרמשכּונען — [...מאַשקענען] טרוו.
־משכּון איבער, ~פֿאַרמשכּונט. דזוו
איבערפֿאַרזעצן, בּ2.
אי'בערפֿאָרן — אוטוו. פֿאָר איבער, בּ י ן
~געפֿאָרן. 1 פֿאָרן פֿון איין אָרט אויף
.
(צו) אַן אַנדערן; בייטן דאָס וואוינאָרט. א,
פֿון שטעטל אין גרויסער שטאָט. ,,דער

וואַ)3

סילקאָווער צדיק איז איבערגעפֿאָרן קיין טאַלנע",

פַּמ. ‟און נאָכדעם ווען מיר געבּן אַ פּאָר
איבּער קיין ארץ־ישׂראל‟, שע, 'פֿון פסח בּיז
פּסח'. „ער מאַכט מיט איר אַ שמועס וועגן
א, קיין אַמעריקע‟, בּערג, אָפּגאַנג.
2. דורכפֿאָרן, אַריבּערפֿאָרן. „און, דר נאָך
האשׂטו זי גמאכט איבּר פֿארין ד ו ר ך דען
(ים סוף) אַלז איין פֿערד דז דא גיט אין טאָל‟,
יומיפֿון פּיורדא 1764.

3 פֿאָרן אין אַ צאָל ערטער פֿאָרן אַ סך.

א, א י בּ ע ר (א י ן, צ ו) אַלע יאַרידן.
4 פֿאַרבּײַפֿאָרן (פֿרגל איבּערפֿאָרן, אַקוזוו בּ2).

„איך בּין איבּערגעפֿאָרן בּ אַ פֿעלד פֿון אַ
פֿוילן מאַן‟, חה, 117.
5. (אין אַרכאַאיזירנדיקן סטיל) פּאַסירן,
געשען פֿאָרקומען (וועגן עפּעס וואָס איז שלעכט,
איז אַ צרה). ‟דוד המלך האָט דאָס געזאָגט
אַז עס איז איבּערגעפֿאָרן א ו י ף אים
אַלצדינג בּעולם הזה‟, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ‟ג.
„אַלע חטאָים וואָס זיי זענען איבּערגעלאָפֿן

און איבערגעפֿאָרן אויף אונדזערע קעפּ ווי וואַסער״, סדר סליחות, וואַרשע תּרפּ״ז.
6 פֿאַרבײַגיין, דורכגיין. טוו פֿאַר 'עבֿר,
.
(אַרכאַאיזירנדיק). ,,אַלע וואָס קומען אויף דער וועלט טוען א, פֿ אַ ר דיר צום משפּט״,
מחזור, ח,,א, פּפֿדמ 1885, מוסף ליום א של ר,,ה. 7. אַריבערשפּרײַזן. ניט לייגן קיין אַכט.
פֿאַרגעסן ווערן (אַזוי ווי בּבּ 5־6). ,,,ותעבֿור על הפּשע, — און זאָלסט א, א ו י ף די
פּשעים,,, מחזור קרבּן אַהרן, ווילנע תּרכ״ח.
,,דאָס זעלביקע משפּט איז איבערגעפֿאָרן און איז ניט וואָרן געטאָן״, צור, הפֿטרת לך־לך.
אי'בערפֿאָרן — אַקוזוו. ← דפֿוו. 1. פֿאָרן
(רײַטנדיק, מיט אַ וואָגן, אַ שיף, אַ באַן
אדגל) איבער אַן אָפּהאַלט. אַריבערפֿאָרן. א,
אַ הויכן באַרג. א אַ וואַסער. ״דרום זאָלט איר
,
איבר פֿאַרן [דעם ירדן] גוואפֿנט...פֿר אײַער
ברידער״, סהמ, יהושע, א, 14. מ
פֿאַרטײַטשט 'ויעבֿר, (בּראשית, לבֿ, 23): ,,און,
ער מאַכט איבר פֿארין״ [תּי: ״איז
אַריבערגעפֿאָרן״]. ,,[ער] מאַכט זיך אַ שיף מיט אַ
זעגלבוים...אַזוי פֿאָרט ער בשלום איבער דעם ים,,,

לט2. "די פֿאַנטאַזיע האָט אונדז געטראָגן פֿײַל אויסן בויגן, א, דעם ים איז דעמאָלט בײַ אונדז געווען אַ קלייניקייט", ממוס, שטורעמצ .ט.

2 פֿאַרבײַפֿאָרן, דורכפֿאָרן. א, דאָס שטעטל
.
און זיך ניט אָפּשטעלן. "...כמעט גאָרנישט באַמערקנדיק די אַלע דערפֿער וואָס מען איז איבערגעפֿאָרן", שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

3. איבערטרעטן, עובֿר זײַן. א, אַ געבאָט. ,,איך האב פֿאַר געסן אונ, האב איבר גפֿארין דײַן גבאָט אום גערן", ר, זאבֿ בר, יוסף, דרישת הזאבֿ, בערלין 1740. טוו פֿאַר ,עבֿר'. ,,זיא...וועלן איבר פֿאַרן דיא שבֿועה פֿון גאָט", טח, שמות, יג, 17. ,,איך דאַרף דיך ניט הייסן צו א, דײַן שבֿועה", צור, ויחי.

4 פֿאַרשפּעטיקן, דורכלאָזן (די צײַט) פֿרגל
. .
איבערפֿאָרן, אוטוו, ב7. ,,ער האָט זיך געפֿאָרכט מלחמה צו האַלטן און ה אָ ט איבערגעפֿאָרן די צײַט", צור, הפֿטרת בא.

5. אַריבערשפּרײַזן, ניט לייגן קיין אַכט (אַזוי ווי איבערפֿאָרן, אוטוו, ב7). „דו ביסט דער דאָ...טוט א, די זינד פֿון דעם מענטשן,,, תּחנות ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798], לד/ב.

6. פּאַסירן, געשען (אַזוי ווי איבערפֿאָרן, אוטוו, ב□). „זאָל זען...אַרויסצוהעלפֿן פֿון ביז, עס זאָל אים קיין בייז א'“, רבֿקה בת ר, יוסף איבז, אגרת בעלי־חיים, [לעמבערג].

אי'בערפֿאָרן — טרוו. פֿאָר איבער, ב י ן & ה אָ ב איבערגעפֿאָרן. 1. אַרויפֿפֿאָרן אויף, אַריבערפֿאָרן איבער עמעצן (עפּעס). פֿאָרן צו שנעל און א, אַ קינד בײַם אַריבערגיין די גאַס. א, עמעצן מיטן אויטאָ. „זי איז שוין אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ גאָרן, אַ וואָגן איז א י ר [= ז□] שוין איבערגעפֿאָרן“, עט, משלים. „טראַכט זיך זלאַטקע...אַזוי פֿיל פֿערד, טראַמווײַען, אויטאָמאָבילן...עמעצער זאָל זיך אויף איר דערבאַרעמען, זי ווען...א, אויף טויט“, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. „לאָמיך כאָטש איין מאָל האָבן דאָס פֿאַרגעניגן פֿון...א, אַ מענטשן און

אַנטלויפֿן“, נאַד. 2. איבעריאָגן, דעריאָגן פֿאָרנדיק. א, אַ גיכן פֿאָרער.

3. אָנזידלען, שאַרף אַרײַנזאָגן א דעם חבֿרה־מאַן אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. ,,דו ביסט אַוודאי ברוגזלעך וואָס מײַן העניע האָט דיר [= דיך] אַנומלטן גוט איבערגעפֿאָרן. גלייב מיר, אַז זי האָט נאָר געטריבן קאַטאָוועס“, ייִפֿאָל, 4 .28 1886, No. איבערהופּן. א אַ

. ,

האַלבע זײַט.

איבערפֿאָ'רן — ~פֿאָר(ט), ~פֿאָ'רן. אַרכ. טוו פֿאַר 'עבֿר'. 1. אוטוו (בב ← אי'בערפֿאָרן, אוטוו). ,,אונ, פֿון דײַן זומן ניט דו זולשׂט געבן צו איבר וארן [להעבֿיר] צו דר (עבֿודה זרה),,, טח, ויקרא, יח, 21. ,,אַז ער איבר פֿאָרט [כּעבֿו] (סופֿה) דער שטורם ווינד“, סהמ, משלי, ו, 25. ,,דיא חכמים וואַרנן אָלי קעשׂטליכי לײַט...דז זיא ניט איבר פֿאַרן א ו י ף קיין מצוה אונגעפֿערד,,, בראַנט. “'אדם להבֿל דמה, ימיו כּצל עובֿר, — דאשׂ איז טײַטש: דר מענש איז צו איינם הבֿל גיגליכן, זײַני טעג אַז דר שאָטן דער דא איבערפֿארט“, לט1, פּ/ב. ,,עובֿרי בעמק הבכא — דשׂ איז טײַטש: די דאָ איבר פֿאַרן, דהײַנו, זי איבר פֿאַרן נאַר

דורך דשׂ גיהנום“, עפּש, דרך הישר לעולם
הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק כג.

2. אוטוו. עובֿר זײַו, איבּערטרעטן. (פֿרגל
אי'בּערפֿאָרן, אַקוזוו, בּ3). „ישׂראל האָבּן
געדינט דעם עגל און ה אָ בּ ן איבּערפֿאָרן א ו י ף
די צען געבּאָט“, צור, כּי תשׂא.

3. אַקוזוו (בּבּ ← איבּערפֿאָרן, אַקוזוו).
„ווארום דאשׂ לנד ור [= פֿאַר] דערבּט אונ,
צו שטוסן וויא איין ווישׂטנייא דשׂ נימט איבּר
וארט [= פֿאָרט]“, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה,
פּראָג 1602, ט, 11. „מאַך איבּר פֿאַרן דײַן
בּיזי גידאַנקן פֿון דײַנם פֿלייש [,והעבֿר רעה
מבּשׂרך'],„ טח, קהלת, יא, 10. „וואול דעם
דער זלזולים הערט, דר איבּר פֿאָרט הונדרט
זלזולים“; „ווער דא איבּר פֿאָרט די ריד פֿון
אונזרי חכמים איז חייבֿ מיתה...אַז ווען מן
איבּר פֿאָרט די ריד פֿון דער תּורה“, עפּש,

 יבּערפּאָרן זיך

דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „סדירא
— עז איז גיזעצט אַן זי זײַן הייליקייט אונ,
אַז ער איבּר פֿאָרט די צײַט“, טײַטש פֿון
אַקדמות, פֿירט 1694 [פֿש III].

4. טרוו (בּבּ ← אי'בּערפֿאָרן, טרוו). „מיר
ה א בּ ן איבּר פֿאַרן אונזרי קינדר צו דער
עבֿודה זרה", הבּחור חנוך בּר, צבֿי הירש איבּז,
אגרת בּעלי־חיים, הענא 1718. „אונ, זיא לופֿן
דיא פֿריצים אונ, זיא איבּר פֿורן צו פֿור דעם
טיטוס", יוסדפֿון, אַמשט l661.

יבּערסאָרן זיך — אוטוו. מאַכן אַ (ניט
ווײַטע) נסיעה פֿון פֿאַרגעניגן וועגן; פֿאָרן
ערגעץ אויף אַ קורצער צײַט. זיך דורכפֿאָרן.
„האָט ער זיך מיישבֿ געווען, ער וועט זיך אַ
בּיסל א, צום צדיק", קמ, 7 1868, No. „די
בּעלי־בּתּים שיקן זייערע קינדער קויפֿן בּראַנפֿן
אויף שבּת, זעצן זיי זיך גערן אויף דער
פֿור, זיך אַ בּיסל א'", ייִפֿאָל, 24 1885, No.
פֿאָרט אײַך אַ בּיסל איבּער אין תּפֿוצות ישׂראל",
„
פּרץ, געדאַנקען און אידייען פֿאָר זיך איבּער
. „
קיין וואַרשע אויף אַ וואָך צוויי — האָט
דער מאַן זיך געבּעטן בּײַם ווײַבּ", אָפּאַ,

'זאָשע'. ־עכ ן. ־עניש. ־ערײַ.
 יבּערפֿאָרני(ט)שן — טרוו ־ני(ט)ש איבּער,
.
~געפֿאָרני(ט)שט. אַמ. איבּערמעבּלירן. א, דעם ליווינג־רום.
 יבּערפֿאָרעמען — טרוו & אוטוו. ־רעם איבּער, ~געפֿאָרעמט. ← איבּערפֿורעמען ־ונג.
.

-

 יבּערסאָרער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאָרט איבּער פֿאַרבײַפֿאָרער.
דורכ.
פֿאָרער. „און, דיא ערד ווערט פֿר וויסט ווערן נאָך זיא פֿון דען איבּר פֿארר און, ווידר קערר, כּלומר עשׂ ווערטן דאָרטן נימנץ הין און, הער פֿאַרן“, סהמ, זכריה, ז, 14.

יבערסאַרצן — אוטוו. פֿאַרץ איבער, ~
געפֿאָרצן, ~געפֿאַרצט. וואול. כסדר, אַ לענגערע
צײַט אַרויסלאָזן גאַזן דורך דער אַנאַלער עפֿענונג.
־עכץ. ־עניש.

יבערסאַרקוי — דער, ־ס, ־ן. אַקט פֿון
איבערפֿאַרקויפֿן, ← דוווו. „און די הענדלער
וועלן מחויבֿ זײַן צו רעגיסטרירן די אַלע
אויסאַרבעטונגען וואָס זיי קויפֿן אײַן פֿאַר א'",
די גאַרבער שטימע, מאָסקווע 2 1924, No־3.

יבערסאַרקויסן — טרוו. ־קויף איבער,
~פֿאַרקויפֿט פֿאַרקויפֿן וואָס מע האָט אַליין

-

.

(מיט אַ קורצער צײַט צוריק) געקויפֿט. ספּעצ,
האַנדלען אויפֿן מאַרק פֿון האַנט צו האַנט.
קויפֿן און גלײַך א'. „אַ ספּעקולאַנט וואָס האָט
איבערפֿאַרקויפֿט זאַכן, אַ וואַליוטשיק וואָס

האָט געהאַנדלט מיט גאָלד“, סאָוו, היימלאַנד,
6 1963, No. אויך: א, דעם שׂונא
מיליטערישע סודות. *פֿאַרקויפֿן עמעצן און א, =
גרינג איבערכיטרעווען, באַשווינדלען. ־עכץ.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע). —עריי.
יבערפֿאַרריכטן — טרוו. ־ריכט איבער,
~פֿאַרריכט. פֿאַרריכטן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניי,
אַנדערש. פֿאַרקירצן אַן אַרבל בײַם פֿאַרריכטן
און מוזן א'. א, די קאָרעקטור־בויגנס.
יבערפֿאַדשטאַנד — דער, ־ן פֿאַרש אַנד

.

וואָס איז העכער ווי געוויינלעך. העכערע

דער937

קענטעניש. הבֿנה וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן
על־פּי שׂכל, לאָגיק. „וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך
די גשמיות ווי אַ ש לעכץ און שטײַגט העכער
און העכער...מיט זײַן מיסטישן א'„, יג, טמז,
.X l9(5 17

-

איבּערסאָרשן טרוו. פֿאָרש איבּער, ~
געפֿאָרשט. פּפֿ: ~פֿאָרשטן. איבּערשטודירן,
נאָכזוכן, חוקר ודורש זײַן נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ,
,
אויף אַן אַנדער (נײַע) אופֿן. א אַ גבֿית־עדות
,
פֿון די חורבן־יאָרן. א, די גאַנצע באַשולדיקונג.
א, די ווירקונג פֿון דער מעדיצין ־ונג.
.
־עניש.

איבּערסאָרשער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פֿאָרשט איבּער. די אַרבּעט פֿון
אַ נאָכקאָנטראָלירער און א, ־יש — אַדי.
.
־ישקייט.

-

איבּערסוגעוועט — טרוו. ־געווע איבּער, ~
געפֿוגעוועט. (סטאָליערײַ) איבּערמאַכן,

איבערשטעלן פֿוגעס, קלינעס.

-

איבערסוטערן, ~סוטרעווען — טרוו. ־ער, ־רעווע איבער; ~געפֿוטערט, ~געפֿוטרעוועט.
1. נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן ,
פֿוטערן, אונטערשלאָגן, אויספּאַסן מיט פֿוטער אא מאַטעריאַלן. א, די פּעלצן, א, די באָטיקעס. 2. (שנײַדערײַ) איבערלייגן וואַטע אָדער אַן אַנדער שטאָף אויף די אַקסלען, אַרום דער ברוסט. א, די מאַרינאַרקע.
איבערפֿוילן — אוטוו פֿויל איבער, ~
גע.
פֿוילט. 1. אינגאַנצן ווערן אומניצלעך דורכן פּראָצעס פֿון צעפֿוילונג. די קאַרטאָפֿל ווערלן א, אין קעלער. "...ווערן די רעשטן פֿון זיי אַזוי איבערגעברענט (איבערגעפֿוילט), דאָס עס איז אוממעגלעך אין זיי צו דערקאָנען יענע געוויקסן„, דאָס פּפֿלאַנצענלעבען, וואַרשע 1899.
2. צעפֿוילן דורך און דורך. זיך צעלייגן.
א, ווי אַן אַלטע שמאַטע. א, ווי די הלבשה פֿון אַ קאַצעטניק. „אַזוי ווי זאָמען וואָס מע

זייעט, קען דאָך עס אַנדערש ניט שפּראָצן סײַדן עס ווערט פֿריִער איבערגעפּו□לט אין דער ערד“, ר, משה בר, נתן נטע איבז, שבֿט מוסר, סודילקאָוו 1833. “דער גאַנצער גוף, וואָס מע האָט אים אָנגעשטאָפּט מיט די תּאוות, ווערט מוזן א, אין דער ערד, בײַ די ווערעם אין בויך,,, 'פֿון אַ בראַצלעווער תּפֿילה אויף ייִדיש, [צײַט, טמז, 3 .[□ 1965 I. אויך וועגן מענטשן. א, אין טורמעס. 4. פֿיג. ווערן שטאַרק אָפּגעלעבט, ווערן צעפֿרעסן, קאָרומפּירט פֿון אומיושר, טיראַנײַ אע (וועגן אַ פּאָליטישן רעזשים, סאָציאַלער אינסטיטוציע אדגל). א, ווי דער צאַרישער רעזשים. א, ווי די אַמאָליקע ייִדישע קאָראָבקע ־ונג ־עכ□ן ־עניש.

. . .

איבערפֿוילן זיך — אוטוו. דזוו אויספֿוילן זיך ←.

איבערפֿול — אַדי פֿול איבער דער מאָס,

□

אָן פּלאַץ פֿאַר מער. דער זאַל איז א'. א, ביז איבער די ברעגן. א, איבער דער שפּענטע. א, ווי עופֿות אין אַ שטײַג. א, ווי אַן אויג. א, ווי הערינג אין אַ פֿעסל. קעשענעס, א, מיט

געלט. „דײַן טריפֿהנער מזל וואָס דענסטמאָל
איז מיר דער בויך געוועז א'„, ממוס,

קליאַ
איבערפורעמען

טשע. „דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט קאָן וועגן
אַזוינס שווערלעך חלומען, מחמת די דאָזיקע
אַרבעט־פלעצער זײַנען שוין א'", זשיט I ,
נ"י 1917. „אַ גרויסער וואָגן אָנגעלאָדן...א'",
סעג, קאַפּריזן, וואַרשע 1921. "גאָט האָט אים
געבענטשט און פֿאַרשאָלטן צו טרינקען פֿון
דעם פֿולן, א'ן בעכער פֿון צער און צאָרן",
בעם I. „די העלע, רײַפֿע זומערדיקע טעג
— ווי א, עס ווערן אַלע גלידער", הל,
בלאַט אויף אַן עפּלבוים. —קייט.
איבערפֿו'לט — אַדי. נר. דזוו איבערגעפֿולט.
א, מיט בענקשאַפֿט ־קייט — „א, און
.
אויספֿעל פֿון די פּרימיטיווסטע באַדינגונגען אין
די וואוינונגען„, פֿגעז, ווילנע 4 1938, No.
איבערפֿולן — טרוו פֿול איבער, ~געפֿולט.
.

מאַכן עס זאָל זײַן איבערפֿול. א, דעם מאָגן
מיט צו פֿיל שפּײַז. אַזוי א, דעם קאַסטן,
מע זאָל אים ניט קענען פֿאַרמאַכן. א, די
יונגע יאָרן מיט ענערגיע. ־ונג — „
יעטוועדער א, פֿון מאָגן (פֿון אַ סך עסן) אָדער
שטאַרקע יוירונג...איז אַ שטער פֿאַרן
אָטעמען“, פֿגעז, ווילנע 23 1931, No.
איבערפֿוצ(י)עווען — טרוו. ־צ(י)▯וע
איבער, ~געפֿוצ(י)עוועט. כמעט דזוו ~
פּאָצעווען, ←. 1. ווען, מעסטן, געבן, גיסן
אע צו פֿיל, איבער דער מאָס. א, מיט אַ
סמיטשיק (אַריבער). מעסטן (שניט־סחורה) און
א אַ האַלבן אַרשין. „וואַסער־גיסער, נאָך אַ
,
ביסל וואַסער — ס'איז צו געדיכט...האָפּ,
איבערגעפֿוצעוועט“, בּ. שאפּיר, אַבֿהמל דער
שוסטער, אַדעס 1911. [דאָ קען אויך בּאַטײַטן:
איבערשפּרײַזן, עס רעדט זיך וועגן אַ בּלאָטע.]
2. איבעריאָגן, איבערשטײַגן (עמעצן) מיט
וויסן, קענטענישן אדגל. א, אַלע שילערס אין
קלאַס מיט גוטע צייכנס. „וואָרום אַפֿילו קעגן
זייערע סך לשונותן וועל איך אויך כּלל
גאָרניט פֿאַרשעמט ווערן...און אפֿשר נאָך גאָר
איבערפֿוצעווען זיי„, ייִל, פּוילישע יונגל, אַדעס

1895. ,,ער האָט שוין לאַנג איבערגעפֿוצעוועט
די דרײַסיק [יאָר]“, הרבֿ העפֿטערמאַן, פֿאָר,
.15 IX 1957
איבערפֿורעמונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערפֿורעמען. ← דוווו. ,,מאַכט
דער פּאָעט דורך געוויסע א'ען, איבערטואונגען,
וואָס ער שטעלט אַרײַן אין זײַנע נאָוועלעס,,,
מוו איבז פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז. ,,אָן קריטישן
,
אָפּקלײַב און שעפֿערישער א, פֿון דעם
פֿאָלקלאָר קען דאָס 'קרומע, פּראָקלאַמירט ווערן ווי
'גראָד'“, מ. ווינער.
איבערפֿורעמען — טרוו. ־רעם איבער, ~
געפֿורעמט. פֿורעמען נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף
אַן אַנדער (נײַעם) אופֿן. איבערגעשטאַלטיקן.
א אַ פּלאַן. א אַ לשון, אַ סטיל. א אַ
סטאַ, ,
טועטקע. א, אַן אײַנשטעל. א, דעם שול־
קוריקולום צום נײַעם לערניאָר. ,,די יוגנט
באַמיט זיך איבערצופֿורעמען אונדזער לעבן“, ימ,
איבז ייִנגל און מיידל, 1929. ,,יעדער לשון
האָט זיך זײַן גאַנג אין א, ווערטער,
אַריבערגענומענע פֿון אַן אַנדער לשון“, קאָס, ייִשפּ
II, 2 X. ,,די אַמביציע איבערצופֿורעמען דאָס

-

איבערפּורעסער

גײַסטיקע אַמעריקאַנער ייִדישע לעבן בצלם פֿון
דער האַרוואַרד־קולטור,,, ש. מאַרגאָשעס, טאָג,
.III 19 5 6

איבערפֿורעמער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע,
־ס. ווער עס פֿורעמט איבער, ווער עס
געשטאַלטיקט איבער. מענדעלע, דער א, פֿון דעם
ייִדישן סטיל.

-

איבערסיבערן — ־ער איבער, ~געפֿיבערט.
אוטוו — פֿיבערן און אויפֿהערן; איבערשטיין,
איבערקומען אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור (
מחמת אַ קראַנקייט, שטאַרקער אָנשטרענגונג אע).
אַקוזוו — איבערלעבן עפּעס (ווי) אין פֿיבער.
א אַן אומגעריכטע פּאַרליבטקייט. א, דעם
,
קינדס קראַנקייט. א, אַן אידיי. ,,און אין
חורבנגריבער גראָבט ער זיך אַרײַן און פֿיבערט
איבער אַלע מינים פֿיבער,,, הל, אין

טרעבלינקע.... ־ונג.
איבערפֿי'גן זיך — ← איבערפֿלי'גן זיד.

איבערסיזיש — אַדי. וואָס איז מער, וואָס שטײַגט אַריבער דאָס וואָס איז פֿיזיש, איבערנאַטירלעך. וואָס איז מער ווי דאָס וואָס איז בלויז חומר. א'ע כּוחות. א'ע אָנשטרענגונגען.

איבערסיטערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געפֿיטערט. 1. פֿיטערן, קאָרמען, געבן צו עסן (אַ מענטשן אָדער בעל־חי) מער ווי נייטיק, איבער דער מאָס. א, דעם קראַנקן. א, די בהמה. 2. פֿיג. א, מיט צו פֿיל ליטעראַטור, לעקציעס. א, מיט קליאָטשע. ־ונג — „כּדי צו פֿאַרהיטן דאָס קינד פֿון דער גרעסטער סכּנה פֿון דערנערונג, פֿון א'„, פֿגעז, ווילנע 8 1930, No.
איבערפֿײַלן — טרוו פֿײַל איבער, ~געפֿײַלט.

י .

1. פֿײַלן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א, דעם שליסל
ער זאָל פּאַסן. 2. פֿײַלן דורך און דורך,
צעפֿײַלן אויף צווייען. א, דעם אײַזן.

-

איבּערסײַן — אַדי. זייער פֿײַן, איבּער דער
מאָס. א'ע סענסיטיווקייט. א'ע, אָבּער
אומקלאָרע סיסטעם. —קייט — ,,...ווי טיף דאָס
איז געווען, אָט די א', האָט ער געטראַכט,
וואָס פֿאַר אַ געשמאַקע פֿײַנקייט,,, נאַד איבּז,
אַלטענבּערג, ווי איך זע עס.

▯

איבּערסײַערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געפֿײַערט. 1. איבּעריום־טובֿן. א, דעם שרײַבּערס
יובֿל אין אַלע גרויסע שטעט. 2. איבּערשיסן.
3. איבּערפֿינקלען. א, רויטע שטראַלן. מיט
ז י ך — אויך קזוו. ,,דער טונקל־רויטער
קופּערנער האַנטפֿאַס...פֿײַערט זיך איבּער מיט
דער זילבּערנער גלימצערניש פֿון דער גרויסער
חנובּה־מנורה,,, חג, טמז, 23 1962 XI.

-

איבערסײַסן — טרוו. פֿײַף איבער, ~געפֿײַפֿט
(~געפֿיפֿן). 1. פֿײַפֿן (מיט די ליפּן)
נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ, אַנדערש. אויספֿײַפֿן און א,
,
דעם זעלביקן מאָטיוו. 2. איבערשפּילן אויף אַ
פֿײַף־אינסטרומענט. א, אויף אַ פֿײַפֿיאָל אַ צאָל
פֿאָלקס־מעלאָדיעס. "מיר קענען ניט
איבערזינגען פֿרעמדס, מיטדערציילן פֿרעמדס און אַפֿילו
א, פֿרעמדע באַנדורעס„, וויספּע, קאָוונע 1923,
העפֿט א־ב. 3. איבערשטײַגן אין פֿײַפֿן.
־עניש. מיט ז י ך — קזוו.

38

איבער ילאָסאָפֿירן וטוו. ־פֿיר איבער,
-

אָזאָפֿירן. כּסדר

--

~פֿילאָסאָפֿירט. פּפֿ: ~פּי
פֿילאָסאָפֿירן. איבערטראַכטן, איבערחקירהן זיך
וועגן אַבסטראַקטע ענינים. א, וועגן די יסודות

פֿון ייִדישער עטיק.

איבערפֿי'לט — אַדי. דטש , אָפּט געניצט.

איבערגעפֿולט, איבערגעפּאַקט. אָנגעראָפּט.

"'ומלאה האַרץ חמס', און די ערו איז

איבערפֿילט מיט סקאַנדאַלן און רויבעריי,,, ממוס,

'שם און יפת'. ,,דערגרייכט אַ ווײַטלעך שטעטל

מיט אַן איבערפֿילט באַלויכטענעם בית־מדרש,,,

בערג, דרויב. ,,צופֿרידן און א, מיט

לעבנסקראַפֿט", לעאָן קאָברין איבז, מאָפּאַסאַן, גוו I.

איבערפֿילטירן, ־רעוועך — טרוו. ־ריר,

־רעווע איבער; ~(גע)פֿילטירט, ~

געפֿילטרעוועט. 1. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניי, בעסער (דווכ)־

פֿילטרירן. איבערזײַען, איבעררייניקן. א, די

עקסטראַקטן דורך אַ וואַטע. פֿיג. א, די

מיטגלידערשאַפֿט אין געהיימען אָרדן. א, אַן

אויפֿרוף, אַ בראָשור אע.

איבערפֿילמירן — טרוו. ־מיר איבער, ~(גע)־

פֿילמירט. 1. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניי, אויף אַן

אַנדער אופֿן פֿילמירן. א, די ליבע־סצענע אפֿשר

20 מאָל. 2. פֿילמירן אַ צאָל. א, די כּתבֿ־ידן,

יקר־המציאותן (ווײַל זיי צעשיטן זיך).

איבערפֿילן 1 — [לאַנגע י אין פּד] טרוו.

פֿיל איבער, ~געפֿילט. איבערלעבן

פֿאַרשיידענע געפֿילן אָדער פֿונדאָסניי אַ פֿריִערדיק געפֿיל.

א, די פּײַנען פֿון קאַצעטניקעס. א, דעם טעם פֿון זײַן רײַך.

איבערפֿילן 11 — [קורצע י אין פּד] טרוו. פֿיל איבער, ~(גע)פֿילט. מאַכן עס זאָל זײַן פֿול איבער דער מאָס. אָנזאַמלען פֿון עפּעס אַ סך, צו פֿיל (אין אַ צימער, שראַנק, כלי אע). א, אַ וואַליזע ביז איבער די ברעגעס. „רבי, אַז אײַער האַרץ ווערט איבערגעפֿילט מיט תּורה...וואָס טוט איר?„„ פּדץ, ,וואָס אין פֿידעלע שטעקט'. „דער לעצטער טראָפּן וואָס האָט איבערגעפֿילט די מאָס“, דוד פֿלינקער, טמז, 6 1965 I. מיט ז י ך.

-

איבערסינצטערן — ־ער איבער, ~ געפֿינצטערט. אַקוזוו — דורכלעבן אין פֿינצטעתיש (אין שלעכטע אומשטענדן, אין צרו). א, די יאָרן מיט אַ שלעכטן מאַן. טרוו — מאַכן מער אָדער אַנדערש פֿינצטער. א, דאָס צימער פֿאַרן ווײַזן די ליכטבילדער. ־ונג.

איבערפֿינקלען — אוטוו. ־קל איבער, ~ געפֿינקלט. 1. פֿינקלען אַ לענגערע צײַט. פֿײַערלעך פֿינקלען איבער אַ גאַנצע נאַכט. 2.

אויפֿהערן פֿינקלען. די שטערן לעשן זיך, זיי
פֿינקלען שוין איבער. מיט ז י ך — קזוו. „
צעמישטע פֿנימער האָבן זיך אַ רגע
איבערגעפֿינקלט מיט די אויגן“ [זיך צו פֿאַרשטענדיקן
אָן ווערטע], ווייס, אַ שטעטל. „טייגלעזער
פֿון געשליפֿענעם גלאָז האָבן זיך
איבערגעפֿינקלט מיט אַ צוקערניצע, מיט טעצעלעך“,
דוג, טמז, 19 5 19 XI*
איבערפֿיצן, ~פֿיצעווען, ~פֿיצקען —
← אויספֿיצן....

-

איבערפֿירן

איבערסיקסן — טרוו. פֿיקס איבער, ~
געפֿיקסט. אַמ. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער אַנדערש
פֿאַרריכטן, ברענגען אין אָרדענונג. א, די

מאַשין. ,,איך האָב או ך איבערגעפֿיקסט מײַן
ווײַבס מעבל“, טמז, 13 XII 1961.
איבערפֿיר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבערפֿירן. 2. מיטל אויף איבערצופֿירן (
איבער אַ וואַסער). פּראָם. ,,בײַ אַ טײַך וואָס
איז טיף און ברייט זע איך אַן א, בײַם ברעג
שטייט“, פֿל. א'־ג ע ל ט — אָפּצאָל פֿאַרן
איבערפֿירן.

-

איבערסירן — טרוו. פֿיר איבער, ~געפֿירט.
1. אַריבערפֿירן פֿירן עמעצן פֿון איין אָרט

,

אויף אַ צווייטן. א, פֿאַר דער האַנט. ,,האָסט
געטאָן א, מײַנע שאָף ישׂראל אונטער דײַן
רוט,,, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'.
2. דורכפֿירן עמעצן דורך אַן אָרט (וואָס
איז אין דעם פֿאַראַן אַ סכּנה). א, איבערן אײַז.
א, איבער דער גרענעץ. ,,זענען זיי געגאַנגען
מיט דעם מענטשן פֿון דעם וואַלד און ער
האָט זיי בשלום איבערגעפֿירט,,, נחב, ,מעשׂה
מבּן מלך ובן שפֿחה'. ,,איז אים הקב“ה
מעבֿיר, ער פֿירט אים איבער דורך פֿײַער“,

נצ2, כד/א. „ער האָט אים נישט אָנגעהויבן צוזאָגן א, מיטן פֿאַראָם“, שע, 'אויף פסח אַהיים'. 3. העלפֿן בײַם עמיגרירן, בײַם איבערקלײַבן זיך אויף אַן אַנדער אָרט. א, עמעצן אויף אַן אַנדער שטעל. „אַן אַנדער דאָקטער וויל א, נאָר איין האַלבן מיליאָן ייִדן קיין ארץ־ישׂראל„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

4. אַריבערבּרענגען עפּעס פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן. א, מיט האַק און פּאַק. א, די בּעבעכעס אויף אַ צווייטער דירה. „ער האָט איבערגעפֿירט די אוצרות פֿון דער שטאָט, וואָס ער איז געווען דרינען אַ פֿאַרוואַלטער, צו זײַן היים“, חה, רעא. „בּשעת מע פֿירט איבער די בּיימער פֿון פּיטאָמניק צו זיך, דאַרף מען זיי גוט אײַנפּאַקן„, מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. א, דעם אַמט, די פֿאַבּריק.

5. אַריבערבּרענגען אַ צאָל מאָל, אַ צאָל זאַכן. „גענוג אָנגעפּאַקטע זעקלעך מיט פֿעדערן האָב איך נעבעך אין גלופּסק בּײַ די שוחטים איבערגעפֿירט“, ממוס, קליאַטשע.

6. (װעגן קאַפּיטאַל) טראַנספֿערירן. אַריבערבּרענגען אויף אַן אַנדער חשבּון. א, דעם פֿאַרמעגן פֿון דרום־אַפֿריקע קיין ישׂראל. א, דעם

חובֿ אויפֿן פּעטערס נאָמען. „די קאַפּיטאַלן האָט ער פֿון די בענק איבערגעפֿירט קיין פּראָג", מ. אַחון, סיפּור משני בעלי תּשובֿה, ווילנע תּרנ"ו. אויך פֿיג. „און ווען דו קאָנסט עס אויפֿשרײַבן, טו דאָס — און דערנאָך פֿיר עס איבער אויף דײַן האַרץ און ברענג עס אויף דײַן מחשבֿה", חה.

7. (וועגן מאַסע) שאַפֿן פֿאַרבינדונג. (וועגן ענערגיע) מאַכן פֿליסן (שטראָמען). א, וואַרעמקייט. א, טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג. א, עלעקטרישע דראָטן. „די עטער־כוואַליעס גיבן נאָר איבער דאָס ליכט, זיי זײַנען נאָר די דראָטן אויף איבערצופֿירן די קראַפֿט", גוטנ.

8. ווענדן אין אַן אַנדער ריכטונג. א, דעם

איבערפֿירן

בליק אויף דעם אַרײַנגעקומענעם גאַסט. א, די שׂנאה (דעם אויפֿברויז) קעגן אַנדערע. „'דו ווייסט, — האָט ער ענדלעך איבערגעפֿירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש", מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No. „דערויף האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט: פֿיר איבער מײַנע אויגן

פֿון צו זען און קוקן אויף פֿרעמדע ווײַבער און בתולות", קה. „האָט ער די גאַנצע ליבע וואָס ער האָט געטראָגן צום ווײַב איבערגעפֿירט אויף דער בת־יחידה", ה. בערגנער, איק, פסח תשכ"ג. „זיי לויבן גאָט וואָס ער פֿירט איבער דעם צאָרן פֿון די ישׂראל", מלרה.

9. איבערשאַפֿן. איבערפֿורעמען. אַריבערברענגען אויף אַן אַנדער מעדיום. א, דעם אָנוואורף אויף לײַוונט. א, די היסטאָרישע פּיעסע צו הײַנטצײַטיקייט.

1O. איבערגיין, פֿירן (מיט דער האַנט, פֿינגער, מכשיר) איבער עפּעס. א, אַ ליניע. א, מיט אַ בלײַער, פּענדזל. „און, דוא בן אדם נעם צו דיר איין שרפֿן שווערד אַז איין שאַר פֿון די רימר...און, זייא איבר פֿירן [תּי: אַריבערפֿירן] איבר דײַן קאָפּ און, בארט", סהמ, יחזקאל, ה, 1. א, מיטן חלף איבערן האַלדז. „זיי פֿירן איבער מיט דעם פֿינגער איבער דעם חלף גיך אָן כּוונה", ר, משה בר, נתן נטע איבז, שבֿט מוסר, סודילקאָוו 1833.

11 פֿאַרענדיקן שרײַבן אָדער דרוקן אויף
.
אַ ווײַטערדיקער שורה, אַן אַנדער זײַט אע. א, דעם סוף פֿון אַרטיקל אויף ז'.... א, דעם

לעצטן טראַף אויף דער צווייטער שורה.

12. אַרויספֿירן עמעצן אויף שלעכטע וועגן; ווירקן (אויף עמעצן) צום שלעכטן. פֿאַרפֿירן. א, די יוגנט מיט שונד און פּאָרנאָגראַפֿיע. „מײַן האַרץ, וויא האשׂטו מיך איבּר פֿירט [אַרכ, איבּערגעפֿירט] און, אַן גרייצט„, משה אײַזענשטאַט איבּד, דרך הישר לאבֿן בּוחן, 1746, אָרט? „וואו דאָס ווײַבּ רעגירט, ווערט מען איבּערגעפֿירט“, שוו. „דאָס...זאָל זײַן אַ בּײַשפּיל פֿאַר אַנדערע...דורך שלעכטע אויפֿפֿירונג קיין מענטשן ניט איבּערצופֿירן“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844. „עס איז טאַקע כּדאַי כלעכן צוליבּ אַזוינע פּוסטע שמאָכטעס א, קינדער פֿון בּיידע וועלטן„, דער יוד, פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1887. „בּײַ אונדז אין שטעטל האָט זיך נעבּעך די טומאה אַרײַנגעכאַפּט...דער לערער פֿירט אַלע איבּער“, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. „מע פֿירט איבּער קינדער, מע מאַכט פֿון זיי אַ תּל“, שע, מע יות פֿאַר ייִד, קינדער.

13. ספּעצ פֿאַרגוואַלדיקן, צורויבּן בּתולים.

שאַפֿט. „אַ קאָלייקע וואוילע יונגען האָט אָנגעשטעלט כּדי מע זאָל מיך טאָן א',,, גנבֿיסליד.

14. שעדיקן עמעצן. אָנטאָן צרות. א, יענעמס געשעפֿטן. ,,מענטשן א, דורך רמאות וכיוצא,,; ,,אַ חונף, מיט דעם מויל רעדט ער חניפֿה־רייד און מיט דעם האַרץ מיינט ער יענעם א'‘‘, דרך עולם, וואַרשע 1861. ,,יעדער מענטש איז מחויבֿ צו זאָגן דאָס אום מײַנטוועגן איז די גאַנצע וועלט באַשאַפֿן געוואָרן. נו, ווי זאָל איך זי מיט מײַנע עבֿירות א'?‘‘, דרכי עולם והוא אוצך חיים, ווילנע 1866.

□פֿ1. אַוועקנעמען, מעבֿיר זײַן (פֿון פֿאַרמעגן,

מעמד אדגל). אָפּזאָגן פֿון אַ שטעל. א, די טאָכטער פֿון חלק ירושה. ,,און זיי האָבן אים [דעם ב‘‘□] איבערגעפֿירט פֿון רבנות,,, ספֿר דובר שלום, פּשעמישל. ,,דער מענטש איז טרוד אָפּצוהיטן דאָס געלט...עס זאָל פֿון אים ניט איבערגעפֿירט ווערן‘‘, קיצור חובֿות הלבֿבֿות מיט עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844.

16. אומבֿרענגען. ,,וויל איך זיא אַוועק שערן און, איבֿר פֿירן,,, סה□ו, נחום, א, 12. ,,אַ שוואַרצע מילבֿ זאָגט צו די איבֿעריקע: גיכער

אַרײַן אין די הײַזלעך,...שלמהס מחנות זאָלן
אײַך ניט א'", ממוס, קליאַטשע. „אונדזער
מרדכי האָט זיך דערוואוסט וואָס המן האָט
לוסט אַלע ייִדן אינאײנעם איבערצופֿירן,„ אַ.
בודזאָן, המן מיט מרדכין, ווילנע 1901.
17 פֿאַרטאַכלעווען, צעטרענצלען, מאַכן אַ
.
מחק. א, דאָס ביסל געלט. א, פֿרעמד געלט.
א, אַ פֿאַרמעגן מיט (בײַ) ספּעקולאַציעס, מיט
(אויף) הוליאַנקעס. „זיי זײַנען נאָך יונגע
קינדער. וואָס זיי וועלן אָנהייבן, קענען זיי חלילה
די עטלעכע גילדן א'„, מסדר אגרת, תּקפּ"ה.
„ער וועט ליבן פֿרויען און וועט א, דעם
פֿאָטערס ירושה„, איבּז פֿון ר, מ. א. גאַלינו,
חכמת היד, וואַרשע 1882. „דען זיי נעמען זיו
דערנאָך...צו געשעפֿטן וועלכע זיי פֿאַרשטייען
ניט און פֿירן איבער זייער אייגענעם גראָסן
און אויך פֿרעמדן קאַפּיטאַל", ליאָנדאַר, נײַער
בש, ווילנע 1887. „האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע,
וואָס האָבן פֿון יענעמס צרות זיך געמאַכט
...
אַ פּרנסה, איבערגעפֿירט אַ סך קהלשע געלט",
שע, מע□יות און פֿאַנטאַזיעס.
18. קאַליע מאַכן, מכולה מאַכן. פֿאַרדאַרבן

עפּעס אַ זאַך וואָס האָט אַ ווערט. א, די
ראָשטשינע מיט שלעכטע הייוון. א, אַ
קונסטווערק. „א, אַ העמד צוליבּ אַ צוויקל“, פֿוול.
„אי היץ אי קעלט פֿירן איבּער אַ וועלט„ [מיט
זאַכן], שוו פֿירט מען ניט איבּער, קען מען
—
. „
ניט מאַכן גוט„ [בּײַם לערנען זיך אַ מלאָכ],
שוו. „צאַפּעס שפּרינגען אין די גערטנער,
צעטרעטן און פֿירן איבּער אַלץ וואָס דאָרט
געפֿינט זיך נאָר„, ממוס, שלמה. „דער גאַנצער
טאָפּ איז מיר איבּערגעפֿירט, דאָס געגלייז איז
אָפּגעשפּרונגען„, ווײַס, 'אַ שלעכטע פֿרוי'. „די
קנוילן קען מען לײַכט האַלטן גאַנץ לאַנג און
זיי ווערן ניט איבּערגעפֿירט„, א. גאָלאָמבּ איבּז,
ג. בּאָטש, געוויקסן, וואַרשע 1920 פֿאַרריכטן
. „
דעם טיש...הייבּט זיך אָן אַ סדרה: פֿליקעס,
קיט און נאָך רפֿוא ,ת וואָס פֿירן אינגאַנצן
איבּער די מראה פֿון דער אַרבּעט„, בּער. „די
נשמ ...אַ ליכט פֿון גאָט ..[דיך] אַ ט ניט
דער היזק פֿון קיניג הש„י אַז דו וועסט איר
[= זי] א,“, ישרי לבֿ, ווילנע 1867, מב/ב.
*א, (מיט אַן אָנצוהערעניש) = מאַכן אַן

אַבאָרט.
19. פֿאַרדאַרבן אָדער צעשטערן עפּעס וואָס
בינדט זיך ניט דירעקט מיט היזק. א,
עמעצנס כאַראַקטער (פֿרגל ב10). א, די שטימונג.
א, די אָרדענונג. ,,וואָס וועט זײַן אַז דו ועסט
גאָר א, דײַן געזונט?,,, ב. א. זאַביעזענסקי,
די שווערע צײַט, וואַרשע 1887. ,,די פּראַקטיק
האָט אָבער באַלד איבערגעפֿירט דעם זיסן חלום,,,
נש איבז, שד III . ,,קנאה האָט דענסטמאָל אין

איבערפֿלאַנץ

איר געברענט און איבערגעפֿירט אירע געפֿילו
צו פּענעקן,,, בערג, בײַס דניעפּער II. ,,אַ שפּואַך
איז ווי אַ לעבעדיקער גוף וואָס פֿאַרשיידעגע
קרענק פֿירן אים איבער , יג, טמז, 27 1964 XII.
,,האָט זי ניט געוואָלט האָבן קיין קינדער כּדי
ניט איבערצופֿירן איר שיינע מיידלשע פֿיגור,,,

פֿאָר, 2 1966 I. *א, דעם מ אָ ג ן = עסן אַזוינס
וואָס פֿאַרשאַט.
2O. שלעכט פֿירו. ,,אַ יונג ווײַבל, אַן

אַלטער מאַן, האָט זי דאָס רעדל געפֿירט און טאַקע

זיך אַרויס אַלס אונדזערע כלל־טוער...
אומגעאיבערגעפֿירט", פּרץ, חסידיש. „זיי שטעלו
בעט פֿעלשעוען. „ווא איינר מעכט היצונדר
נערהייט קומען זיי העלפֿן — א',„ מר י.
.1
קומיו אונ, אנהאַלטין איין חתימה צו געבֿין
אונד מעכט זײַנע יאהר פֿערלייקנה אונ,

איבֿרפֿיהרן,„ 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה
קדישא', תּנ"ב. [Bohemia. u(laiea].

איבֿערסירן זיך — ← דפֿוו. 1. רעפֿל.
שעדיקן, אָנטאָן שאָדן זיך אַליין. א, זיך מיט
אַן איבֿעריק גלעזל. „איך האָבֿ אים געגעבֿן
צו פֿאַרשטיין אַז מיטן בעטלען פֿירט ער זיך
איבֿער", פּרץ, 'דאָס אָרעמע ייִנגל'. 2. בײַטן
וואוינונג, וואוינאָרט אע. א, זיך אין אַ נײַער
דירה. א, זיך מיט אַלע בעבעכעס פֿון
מאַזעפּעווקע קיין יעהופּעץ. 3. זיך אַריבערטראָגן.
א, זיך אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט.
איבֿערפֿירעוודיק — אַדי. וואָס מע קען

איבערפֿירן. א'ע מטלטלין. א'ער עלעקטרישער שטראָם. ־יקייט.

איבערפֿירעכץ — דאָס (ד), ־ן (־ער).

איבערפֿיר, איבערפֿירונג. אויך מיט בײַטעם פֿון ביטול. אַן א, פֿון דעם ביסל אָרעמקייט.

-

איבערסירעניש — דאָס (ד), ־ן. געדויער דיקער פּראָצעס פֿון איבערפֿירן (זיך).

איבערפֿירער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ט. ווער עס פֿירט איבער. אַן א, איבער אַ וואַסער (פּאַראָמשטשיק). א, פֿון עלעקטרישן שטראָם. ער איז ניט קיין פֿירער, נאָר אַן א'. „מחשבֿה איז בטבֿע, נוצנדיק די טערמינאָלאָגיע פֿון... פֿיזיק, אַ שלעכטע א'ין פֿון וואַרעמקייט„, ש. ביקל, שרײַבעך פֿון מײַן דור I. „דרעמלט דער א אַמאָל שבת נאָכן מיטאָג בײַם ברעג אײַן„,

,

אַש, שטעטל. ־יש — אַדי.

איבערסישן — טרוו. פֿיש איבער, ~געפֿישט.

פֿישן אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, מי יודע וויפֿל פֿיש במשך פֿון דעם זומער.
איבערפֿלאַך — אַדי. איבער דער מאָס פֿלאַך.
אַן א'ע דערקלערונג. ־קייט — „מיט דעם מיין איך ניט צו אַרגומענטירן...אַז דער קאַפּיטאַליזם איז גוט און דער סאָציאַליזם איז שלעכט, דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסע א'„,
בצג, טמז, 23 6□19 □ .I
איבערפֿלאַך — די, ־ן. אייבערפֿלאַך. א, פֿון טיש. א, פֿון אַטלאַנטיק. א, פֿון מדינת־ישׂראל.
איבערפֿלאַמען — טרוו. פֿלאַם איבער, ~ געפֿלאַמט. דזוו איבערפֿלאַקערן ←.
איבערפֿלאַ□ן — דער, ־ן. אַקט פֿון איבער פֿלאַנצן. דאָס וואָס מע פֿלאַנצט איבער.

איבערפֿלאַנצונג
איבערפֿלאַנצונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערפֿלאַנצן. „אַן א, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגענומען„, באַש, פֿאָר, 2 .14 X 1962 פֿיג. פּראָצעס אָדער
.
רעזולטאַט פֿון צופּאַסן, אַקלימאַטיזירן (מענטשן, בעלי־חיים) צו אַ נײַער סבֿיבֿה. „די

געאָגראַפֿישע א, איז גראָד ניט די שווערסטע
פּראָבלעם", מוו, ייִבל ‎ XXX. „דער צער פֿון
א, אויף אַ נײַעם באָדן איז גרויס און לאַנג„,
ש. מאַרגאָשעס, מאָג, 30 1963 XI. „די מירער
ישיבֿה אין ירושלים, אַן א, פֿון דער מירער
ישיבֿה אין אייראָפּע„, טמז, l965 XI l2.
איבערפֿלאַנצן — טרוו פֿלאַנץ איבער, ~
גע.
פֿלאַנצט. 1. איבערזעצן אַ געוויקס פֿון איין
באָדן אין אַ צווייטן. א, טראָפּישעביימער אין
באָטאַנישן גאָרטן. „נאָך אַן אופֿן צו
באַאַרבעטן ראַפּס [רעפּאַק] איז איבערצוטראָגן אָדער
א, די געוויקסן„, מ. וועבער, דער יודישער
פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. אויו: א אַ
,

ניך.
2. איבערפלאַצירן, באַזעצן (עמעצן) אויף
אַ נײַעם אָרט, אין אַ נײַער סבֿיבֿה (און זיך
מיִען אַז דער אַריבערגעקומענער זאָל זיך
פֿאַרוואָרצלען אין דעם נײַעם באָדן, זיך צופּאַסן
צו דער נײַער סבֿיבֿה). א, אונדזערע
קליינשטעטלדיקע אין די גרויסע מעטראָפּאָליעס.
„צי דען אָבער וועסטו געדײַען און אויפֿגיין

ווען דו וועסט איבערגעפֿלאַנצט ווערן אין דײַן
אייגענער ערד?", אַש, משה.
3. אַריבערפֿירן, אַרײַנפֿירו אַלטע מנהגים,
אידייען אין אַ נײַעם אָרט, אין נײַע פֿאָרמען
פֿון אויסדרוק. א, גוטע מידות. „די זאָרג
[פֿאַר דערציאונ] איז פֿאַראַן און די
אומרואיקייט איז בנמצא, און פּרוּוון איבערצופֿלאַנצן
[יִדישע אידייען] זענען געווען„, ימ. „רייזען
האָט פֿרי געוואוסט אַז ער מוז א...יִדישע
ווערטן„, ינ, תּוך. מיט ז י ו — זיך א, אין
ארץ־ישׂראל. ־עכץ. ־עניש.
איבערפֿלאַנצער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע
־ס. ווער עס פֿלאַנט איבער. „אויף אַ
צווייטער א'ין האָט ער זיך געוואָרפֿן אַז זי האָט
אַרײַנגעפּלוכעט אַ קאַן וואַסער", חג, 'די שבֿועה„.
„איניציאַטאָר פֿון דער נײַער שטאָט און דער
א, פֿון באָבאָווער חסידות אין אַמעריקע„, פֿאָר,
22 I 1965. ־ייש — אַדי.
איבערפֿלאַסטערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געפֿלאַסטערט. 1. נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ, אַנדערש
—
,
אויספֿלאַסטערן. א, דעם שאָסיי. 2. דזוו
איבערפּלאַסטערן, בב 1 2. א, אַ וואַנט. ־ונג.

איבערפֿלאַקער — דער. מצ נבֿ. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערפֿלאַקערן.

איבערפֿלאַקערן — אוטוו. ־ער איבער, ~ געפֿלאַקערט. 1. ברענען אין אַ פֿלאַמפֿײַער ביז אויסברענען, איבערברענען. א, ווי אַ סטערטע שטרוי. דער קריזיס וועט א'. 2. ווערן באַרואיקט נאָך אַ שטאַרקן אויסבראָך, אויפֿפֿלאַקערן פֿון עמאָציעס. אויפֿפֿלאַקערן פֿון התפּעלות און א'. „שׂריפֿות און בלוט האָבן געפֿלאַקערט אין גאָלד ער גלות, האָבן... איבערגעפֿלאַקערט...איבערגעברענט און זײַנען

שטאָרבן אויף מײַנע הענט,,, מל, ,אַלץ איז געוועןי. מיט ז י ך. ־ונג.

איבערפֿלוס — דער, ־ן. 1. איבערגאָס. ,, צוליבן א, פֿון די וואַסערן וועט מען הײַ־יאָר קענען אײַנשפּאָרן הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן“, טמז, 18 XI 1961. “האָט איינמאָל אין איר דער געפֿערלעכער שטאָף פֿון קוואַליקן א, טאַקע געפּלאַצט“, אָל I. 2. שפֿע, איבערמאָס, עודף. אַן א, פֿון פּראָוויאַנט, פֿון סחורה. אַן א, פֿון כלערליי גוטיקייטן. „,...זאַט ווערן און

האָבן פֿיל א, גלײַך ווי גאָטס ווילן", א. פּאַוויר
 יבז, בחינת עולס, זשאָלקעוו תּקס"ח. „
אומעטום וואו עס פֿלעגט זײַן אַן א, אין תּבֿואות,
אַז מע האָט זיך זאַט פֿאַרזאָרגט", קמ, 1869,
No 16. „דאָס פֿאָלק זעטיקט ווייניקסטנס אָן
זײַן אויג מיט די גוטיקייטן פֿון לעבן וואָס
עס זעט בײַ אַנדערע אין א„„ בעמ III. „איך
בין געווען יונג און מיט אַ גוואַלדיקן א, פֿון
ענערגיע", מוק, מײַנע באַגעגענישן.
3. דאָס וואָס איז איבעריק. אַן א, פֿון
בעטלערס. אַן א, פֿון מענטשן וואָס געפֿינען
ניט קיין אַרבעט. „יעדער אמתער פּאָעט
פֿאַרמאָגט א'ן. א, מיינט רויקייט,
אַריבערגערעדטקייט פֿון דעם דאַרף ערשט געשאַפֿן ווערן
.
מאָס„, יג, צוק, פֿעבר, 1959. „זאַט און הונגער
כוואַליעט זיך אין א'„, א. שומיאַטשער, אין
שעהען פֿון ליבשאַפֿט, ווילנע 1930. 4. נר.
אייבערפֿלוס. העכערער טייל פֿון אַ פֿלוס (טײַך)
בײַם אָנהייב פֿון זײַן שטראָם (ראָכקינד־שקליאַר
ווב).
איבערפֿלי — דער, ־ען. אַקט פֿון
איבערפֿליִען. אַ ווײַטער א., א'־ש מ י י כ ל = אַ
שמייכל וואָס האַלט אָן אַ קורצע ווײַלע. „

פלוצעם האָט ער באַמערקט אויף איר פּנים אַ
באַהאַלטענעם א־ש',,, בּערג, נאָך אַלעמען I.
איבּערפֿל אַסקען — טרוו. ־קע איבּער, ~
געי
פֿליאַסקעט. איבּערפֿראַסקען, איבּערפּאַטשן
עמעצן מיט אַ הילך, קנאַק, פֿליאַסק. א, די
בּויאַנעס. ־עניש.
איבּערפֿליגלען — טרוו. ־גל איבּער, ~
געפֿליגלט. i: ־. איבּעריאָגן, ד
רגרייכן מער (מיט וויסן, פֿעאיקייטן). ,,אָט די
ייִנגלעך...מיט זייער בּיסל בּילדונג...וועלן א,
איַערע פּשטל־זאָגער“, ארז, קמ, 30 1867, No.
,,זי [די צאַרישע מאַכט] וויל אונדז ניט
אַרײַנלאָזן, ניט ווײַל זי האַלט אונדז פֿאַר שעדלעך,
נאָר ווײַל מיר זײַנען צו ניצלעך, מיר וועלן
א, די רוסן,,, ייִפֿאָל, 15 1882 I. [גענומען
פֿון דײַטש, אָבּער קען בּאַטײַטן ווי אַ נעאָל:
איבּעריאָגן אין פֿליִען מיט שטאַרקערע פֿליגל.]
איבּערפֿלי'גן זיך — אוטוו. איבּערפֿלי'ג(ט),
~פֿלוי'גן? אַרכ.   ber—vliegen ו: M.
(זיך) אַריבּערפֿליִען. (זיך) פֿאַרבּײַפֿליִען ,,...בּיז
דאַן זיך איבּר פּ[ל]יגט איין נאַכט. זוא קאַם
ער [= דער בּעל־חלומות] צו אין אַלי...“,

□ 'די היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש״ץ',
פֿיורדא 1694 [פֿש III].
איבערפֿלײַס — דער, ־ן. גרויסע
פֿלײַסיקייט. אַרבעטן, זיך לערנען מיט א'.

איבערפֿליסיק
איבערפֿלײַסיק — אַדי. זייער פֿלײַסיק, מער
ווי מע ריכט זיך. א'ע תּלמידים. א'ע פֿאָרשונג.
־יקייט.
איבערפֿלײַסן — טרוו פֿלײַס איבער, ~
גע.
פֿלײַסט. איבעריאָגן אין פֿלײַסיקייט. טאָן עפּעס
מיט מער פֿלײַס, התמדה, ווי אַן אַנדערער.
א, די אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ. א, אין
טאָן גוטס (שלעכטס). „די אַלע לערנענדיקע
מיידלעך האָבן געוואָלט א, איינע די אַנדערע.
איינע האָט געוואָלט איבעריאָגן די אַנדערע„,
מוק, מײַנע באַגעגענישן. אויך מיט ז י ך.
־עניש.
איבערפֿלייץ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבערפֿלייצן. אַן א, פֿון רייד. 2. דאָס וואָס
קומט פּלוצעם אין אַן איבעריק גרויסער צאָל.
אַן א, פֿון קאַנדידאַטן. אַו א, פֿון
פּאָעזיעביכער. „אַן א, פֿוו מענטשן...רײַסט זיך אַרײַן

מיטן קראַנקן אויף אַ בעטל“, ברוך האַגער, מלכות חסידות, ב״א 1955. „אַן א, פֿון ביבליאָגראַפֿישע פּאָזיציעס“, אָלמי, פּאַש, 1 XI 1958.
־יק — אַדי.

איבערפֿלייצן — טרוו פֿלייץ איבער, ~ געֿ

פֿלייצט. 1. אַריבערגיין איבער די ברעגן. באַדעקן, פֿאַרטרענקען אַ שטח מיט וואַסער אָדער מיט אַן אַנדער פֿליסיקייט. א, די ברעגן. עפֿענען די שלוזן און א, די אַרומיקע פֿעלדער. אויפֿרײַסן די רערן און א, די געגנט מיט נאַפֿט. „דעם ערשטן טאָג סוכּות האָט איבער גאָרײַ אַראָפּגענידערט אַ מבול...דער טײַך איז איבערגעפֿלייצט געוואָרן...דור עבראָכן די שלוזן פֿון דער וואַסער־מיל„, באַש, דער tטן פֿון גאַריי. 2. אַרײַנברענגען, אָנברענגען זייער אַ סך, וואָס זאָל מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿאַרפֿלייצונג. א, דעם מאַרק מיט שלעכטער סחורה. א, מיט אַגיטאַציע ־ונג. ־עכץ.

.

־עניש.

איבערפֿלינקען — טרוו פֿלינק איבער, ~ גע.

פֿלינקט. איבערשטײַגן (עמעצן) אין פֿלינקייט, געשיקטקייט, אָדער זײַן פֿלינקער, געשיקטער. א, דעם חבֿר אין אַרויפֿדראַפּען זיך אויפֿן בוים, פּלויט. א, אין פּאָליטיק, מיט פּאָליטישע דריידלעך. א, אין מסחר. א, מיט אַ המצאה, מיט פּשטלעך. א, אין צעקײַען אַ שווערע סוגיא.

איבערפֿליס — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערפֿליסן. 2. דאָס וואָס פֿליסט איבער. 3. הויכוואַסער בײַ אַ צופֿלוס. די שעה פֿון א'.

איבערפֿליסיק — אַדי. ee□ □ □ vl□ו—ber□ו: d□M.

1. וואָס איז איבער דער מאָס; וואָס איז צו פֿיל. „זיא וואַרן אבר אלי צו שפּאַלטן [כּלים מיט ווײַן] פֿון וועגן ז□.נר [פֿון דעם ווײַן]... איבר פֿליסיגן שארפֿי", יוסיפֿון, אַמשט 1661. פֿון איבר פֿליסיג גוט קומט איין שטאָלציר

"

מוט", צוכט. „די א'ע פֿאַרברענונג [פֿון די רעזערוו־שטאָפֿן אין אָרגאַניז□] גיט אַ מאַסע וואַרעמ□ ייִט און ענערגיע„ פֿגעז, ווילנע 1938,

,

.10־No 9

2. איבעריק, אומנייטיק. „...זיך זייער צו צאַמען פֿון א'ע רייד„, ר, הילל ליכטנשטיין,

עת לע▯tות, סאַטמאַר תּרל״ב. „ניט זוכין פֿיל
איבּיר פֿליסיג אונ, אום נוצליכי איבּר קייטן״,

איבּערפֿליסן

בּע, כט/ג. ״אויסוויינקסטע פֿאָרמאַליטעטן...
גילטן בּײַ אים פֿאַר א״, קמ, 1865 34, No.
„דאָס איז אַ געבּײַדע פֿון פֿיל מנהגים, א׳ע
פֿאַנאַטישע אײַנפֿירונגען„, ש. הויכבּוים, א
... - —
יוד, אַדעס 1869. „האָבּן געהאַלטן פֿאַר א, זיך
מי צו געבּן צו בּרענגען ראַיות אַז ייִדן
זײַנען בּאמת שעדלעך״, ייִפֿאָל, 19 1881 XI.
„מע קען אַנדערש ניט גרינטלעך דערגיין די
תּורה, נאָר ווען מע זאָגט זיך אָפּ פֿון אַלע
א׳ע זאַכן״, צאינה וראינה II, נ„י תּרע„ג.
־יקייט.
איבּערפֿליסן   פֿליס איבּער, האָבּ (בּין)
- ▯

~געפֿלאָסן. אוטוו — דורכפֿליסן,
פֿאַרבּײַפֿליסן. פֿליסן אַ לענגערע צײַט. „וויי־וויי וויפֿל
וואַסערן זײַנען איבּערגעפֿלאָסן, זינט מיר האָבּן
זיך בּאַגעגנט דאָס לעצטע מאָל„, רייד. טרוו
— אַריבּעררינען, איבּערפֿלייצן. א, די בּרעגן.

א, די כּלי.
איבּערפֿל — אוטוו פֿלי איבּער,

ען

1. זיך
בּ י ן .
~געפֿלויגן (אויך ה אָ בּ אין לר).
איבּערטראָגן פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן דורך פֿליִען. „גיט אַכטונג אויף דעם כאַראַקטער פֿון פֿליִען בײַ פֿאַרשיידענע פֿייגל...ווי ווײַט קען א, די הון?“, יאַכ. „געהאַלטן אין איין א, פֿון צווײַגל צו צווײַגל“, ל. קויפֿמאַן, פֿאָר, 2 .5 1964 X. אויך אַקוזוו. דורכרײַזן אין (מיט) אַ פֿלימאַשין, אַן עראָפּלאַן, פֿון איין אָרט צום צווייטן. א, (איבּער) דעם אַטלאַנטיק. „אין פֿיר שעה מיט 57 מינוט זײַנען מיר איבּערגעפֿלויגן דעם שטח פֿון העכער 3,000 הימלישע מײַלן„, פּ. רודאָי, טמז, 29 1964 XI.
3. (וועגן צײַט) גיך פֿאַרבײַגיין, פֿאַרבײַלויפֿן. „דעם מענטשנס יאָרן פֿליִען איבּער ווי אַ חלום„, שוו. „און ווען איך זאָל זײַן פֿאַרזיכערט מיט אַלע אַכציק יאָר — פֿליִען זיי דאָך אויך איבּער כּהרף־עין„, 'פֿון אַ בּראַצלעווער תּפֿילה אויף ייִדיש, [צײַט, טמז, 29 1965 I]. „גאָט האָט געהאָלפֿן, די קליינע

צײַט איז איבֿערגעפֿלויגן,,, קאַלמוס, לעבֿעדיגער יתום, אַדעס 1876. ,,אָט אַזוי איז איבֿערגעפֿלויגן דער פֿרײלעכער זומער,,, איש יהודי [לעאָן ראַבֿינאָוויץ], בֿלעטער, פּעטערבורג 1900, No 11.

4. איבֿערטראָגן זיך, אַריבֿערטראָגן זיך. אַ מחשבֿה פֿליט איבֿער. א, אין געדאַנק (חלום) צו די אײגענע אין געטאָ.

5. אויך אַקוזוו. טאָן עפּעס אויף גיך, אין אײַלעניש. אויף גיך אַריבֿערגײן פֿון אײן אַרבעט צו אַ צווייטער פֿון איין ענין (פּונקט

,

צו אַ צווייטן. א, פֿון איין געשעפֿט צו אַן אַנדערן. א, פֿון איין פֿראַגע צו אַ צווייטער. א, די צײַטונג מיט די אויגן אין אַ פּאָר סעקונדן. "און דער חזן עפֿנט אויף אַ געמבע, פֿליט איבֿער פֿון 'מה טובֿו, גלײַך צו 'לכו נרננה',,, ש□, מע□יות און פֿאַנטאַזיעס.

6. טרוו. גיך איבֿערשטײַגן (עמעצן) מיט וויסן פֿעאיקייטן אע. א אַלע ישיבֿה־בחורים

,   ,

מיט בקיאות און חריפֿות. ,,זי איז איבֿערגעפֿלויגן מיט אירע קענטענישן איר געשלעכט און אַפֿילו מענער אין אירע יאָרן", ייִפֿאָל,

אויך מיט ז י ך. ־עכ ן. ־עניש. ־ער
(־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערפֿלי־פֿויגל — דער, ־ען, א'־פֿייגל.
פֿויגל וואָס פֿליט איבער פֿון איין וואוינלאַנד
אין אַן אַנדער ווײַט וואוינלאַנד, לויט די
סעזאָנען פֿון יאָר.
איבערפֿליקן — טרוו פֿליק איבער, ~
גע.
פֿליקט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אויף אַן אַנדער
אופֿן פֿליקן. א, די פֿעדערן, ווײַל מע האָט
זיי שלעכט אויסגעפֿליקט. א, די צויטן. א,
א פּ א ר ך ← אויספֿליקן. 2 פֿליקן אַ סך,
אַ לענגערע צײַט. א, גענדז. א, זעק מיט
פֿעדערן אין די ווינטערדיקע נעכט. 3. וו
ויליונגעריש. איבערצופּן, איבערקלאַפּן. אַרײַנקריגן
אַ יונג און אים גוט אַרומצופּן, א, די זײַטן.
4. צערײַסן אַ צאָל. א, אַלע פּאַפּירן,
דאָקומענטן. א, די הויזן. ־עכץ. ־עניש.

איבערפֿלירטעווען — ־טעווע איבער, ~
געפֿלירטעוועט. אוטוו   פֿלירטעווען מיט אַ
----- ▯
צאָל. א, מיט אַלע בחורים. טרוו —
איבערשטײַגן אין פֿלירטעווען. א, די חבֿרטעס און
האָבן אַרום זיך אַ כאָפּטע בחורים.
איבערפֿלעכט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבערפֿלעכטן. 2. רעזולטאַט פֿון
איבערפֿלעכטן. „קוקט זיך אָבער צו צום א, פֿון די
פֿעדעם אין אַ שטיקל בומאַזייע אָדער
שעוויאָט, וועט איר זען אַז דאָרט איז דאָס
געוועב שוין גאָרניט אַזוי איינפֿאַך„, ע. איזראַ,
צײַג, קיִעוו 1928.
איבערפֿלעכט — טרוו. פֿלע
ן
1 פֿלעכטן
נאָככט איבער, ~
געפֿלאָכטן (אויך: ~געפֿלעכט). .
אַמאָל פֿונדאָסנײַ. א, און מאַכן אַ דיקע הבֿדלה.
'
א אַ חלה. „זי נעמט א, מיט די ביניקע
'
פֿינגער אירע צעפּאַטלטע צעפּ„, אָפּאַ, ראָמאַן
פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. „זי באַהאַלט שוין ניט פֿאַר

אַלעמען די אויגן...זי זיצט און פֿלעכט איבער
אַ צאָפּ„, א. שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 1962,
No. 2 .1. פֿלעכטן עפּעס וואָס איז שוין
געפֿלאָכטן. א אַ קערבל, געפֿלאָכטן פֿון שטרוי,
,
מיט גאָר דינע צווײַגעלעך. א, אַ לעדערן
פּאַסיקל. 3 פֿיג. איבערקאָמבינירן.
איבער.
שטעלן. א, די פּאַראַגראַפֿן פֿון גאַנצן עסיי.
מיט ז י ך — 1. צונויפֿבינדן זיך,
צונויפֿטרעפֿן זיך, צונויפֿשטויסן זיך. הענט פֿלעכטן
זיך איבער בײַם טאַנץ. „דער וועג פֿונעם יחיד
וואָס פֿלעכט זיך איבער מיט וועגן און שטעגן
פֿון פֿיל אַנדערע
2. צונויפֿקנוילן זיך
יחידים“, ר. רובין, סאָוו,
היימלאַנד, 1961, No. 2.
(אויך פֿון היפּוכים, ווידעראַנאַנדיקע געפֿילן
און געדאַנקען). וואָר און חלום פֿלעכטן זיך
איבער. „האַס, ייִאוש, האָפֿענונג האָבן זיך
איבערגעפֿלאָכטן אין איין קנויל“, 'צווישן
לעבן און טויט', סאָוו, היימלאַנד, 1962, No. 6.
־ונג. ־עניש.
איבער פֿעלד — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. 1. אין

וועג, אונטערוועגס. „ער זאָגט: רופֿט מיט שטים גרושׂ, ווען [= כּי] גאָט ער טראַכט און, ווען איין גישעפֿט צו אים, אודר איבּר וועלד ער„ [תּי: „ער איז אין וועג„], טח, (הפֿטורת כּי תשׂא, מלכים א, יח, 27). „אבּר

איבּערפֿעלשעריש

אַליין [פֿאַר אַ פֿרוי] צו גין איבּר פֿעלד דאז איז פּשיטא אָסור„, עפּש, דדך הישר לעולם הבא פֿפֿדמ תּמ״ה? א, פֿ, ג י י ן — גיין (פֿאָרן) ,

איבּער דער וועלט. וואַנדערן. „ווען איינר וויל איבּר וועלד גין, זו שפּריך צו אים: השם יצליח דרכיך„, אבּ, שמות דבֿרים, איזנע 1542. 2. (וועגן האַנדלען) געפֿירט ניט אויף אַ סטאַבּילן פּלאַץ נאָר דורך אַרומפֿאָרן (אַרומגיין) פֿון דאָרף צו דאָרף. „און, מיר אַשכּנזים האבּין אונזר מחייה גשטעלט דשׂ מיינשׂט אין הויז און, ניט פֿיל איבּר פֿעלד„, אַשכּנז. 3. אויף אַ מרחק פֿון־דער־ווײַטנס. „קיין סוחרים א, פֿ, ,

איז דאָך הי נישטאָ, זייער וויניק משונה, דרײַ אָדער פֿיר„, ריב״ל, הפֿקר־וועלט, וואַרשע תּרס„ב

(איבערדרוק). „עס פּאַסט אמת ניט א, פֿ, זוי פֿיל צו שרײַבן“, מסדר אגרת, תּקפּ"ה.

איבערפֿעלן — אוטוו, דריטפּערזאָניק פֿעלט

.

איבער, ~געפֿעלט. פֿעלן אין אַ גרויסער מאָס אָדער וועגן אַ צאָל זאַכן. עס פֿעלט אים איבער געלט און געזונט. „עס מעג מיר צוקומען וואָס עס פֿעלט מיר איבער פֿאַר אָט דעם געשעפֿט„, רייד.

איבערפֿעלקערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבערפֿעלקערן (זיך). 2. דאָס ווערן אַן אַנדער מין פֿאָלק. „דאָס אַרײַנוואַקסן גײַסטיק און פּסיכיש אין אַן אַנדער פֿאָלק אַרײַן...באַשרײַבן מיר מיטן באַגריף א',„ מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

איבערפֿעלקעריש — אַדי. וואָס איז איבער (העכער) באַזונדערע פֿעלקער. „די אידייע פֿון אַ סופּער־נאַציאָנאַלער מאָכט, וואָס זאָל האָבן איר א'ע סוווערעניטעט„, וולאַדימיר גראָסמאַן פֿאַש, 1965 III ־י 15 ־קייט.

, .

אי'בערפֿעלקערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געפֿעלקערט. 1. אַריבערפֿירן אַ באַפֿעלקערונג פֿון איין אָרט אין אַן אַנדער אָרט. א, די טערקן

פֿון גריכנלאַנד קיין טערקײַ. 2.
איבערבאַפֿעלקערן ←. 3. נעאָל. מאַכן אַז אַ פֿאָלק
זאָל פֿאַרלירן אַ טייל פֿון זײַנע אייגנשאַפֿטן
און זיך אַסימילירן אין (מיט) אַן אַנדער פֿאָלק.
,,דער צד וואָס דאַרף איבערגעפֿעלקערט
ווערן...,, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. מיט ז י ך
— ,,אַ גרייטקייט זיך איבערצופֿעלקערן,,,
דאָרטן.
איבערפֿע'לקערן — טרוו. איבערפֿע'לקער,
~(גע)פֿע'לקערט. דטשמ. נר. איבערבאַפֿעלקערן.
באַזעצן צו פֿיל מענטשן אויף אַ באַשטימטן
אָרט. ,,עס האָבן זיך ניט געהערט קיין
פּראָטעסטן און מורמלערײַען אַז מען
איבערפֿעלקערט דאָס לאַנד מיט אַרבעטהענט,,, יג, טמז,
3□19 □י2□ I.
איבערפֿעלשן — טרוו פֿעלש איבער, ~
גע.
פֿעלשט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל אָדער אויף
אַן אַנדער אופֿן פֿעלשן פֿעלשן און א,
דאָ.
קומענטן. א, פֿאַלשע גבֿית־עדותן. 2.
פֿעלשן אַ סך, אין אַ צאָל פֿאַלן. א, ווער ווייסט
וויפֿל דאָלאַרן. א, פּעסער. ־ונג. ־ער.
איבערפֿעלשעריש — אַדי. וואָס איז שייך צו

אַן איבּערפֿעלשער. א'ע מיטלען, המצאָות.

▯

איבּערפֿעסטיקן

-

איבּערסעסטיקן — טרוו. ־טיק איבּער, ~
געפֿעסטיקט. 1. באַפֿעסטיקן נאָכאַמאָל. א, די
טירן. א, די דורכגענג. א, דעם קאַסטן מיט
דראָט. 2. מאַכן פֿעסטער, שטאַרקער. א,
די פּאָזיציע מיט מער אַרטילעריע. א, די
פֿאַרטיידיקונג מיט נאָך עדות. 3. באַפֿעסטיקן
אַ צאָל. א אַלע פֿראָנטן. אויך מיט ז י ך.

▯

־דנג.

איבּערסעסערן — טרוו. ־ער איבּער, ~ געפּעפּערט. 1 פּעפּערן, באַטעמען מיט פּעפּער

.

נאָכאַמאָל. 2. באַפּעפּערן איבּער דער מאָס, אַרײַנגעבּן צו פּיל פּעפּער. א, די פּיש מע זאָל זיי ניט קענען נעמען אין מויל אַרײַן. 3 פּיג. מאַכן צו שאַרף, צו פּעפּערדיק. א,

.

די רייד מיט פּוילע אָנצוהערענישן. 4. מגזם זײַן. א, די מעשׂה, פּאַסירונג. 5. שטעלן אַ צו הויכן פּרײַז. א, דעם מקח און אָנווערן אַ קונה. ־ונג.

איבּערפּערטלען — טרוו. ־טל איבּער, ~ געפּערטלט. אויספּערטלען. צעפּערטלען. א, די הון. א, דאָס בּרויט. א אַ פּאַרדינסט.

,

איבּערפּראַכט — די (דער), ־ן. 1. (סוהריש) פּראַכט, משׂא וואָס איז מער וויפּל מע קען אָנלאָדן (אויף אַ פּור, אין אַ וואָגן אע). „די א, וועלן מיר שיקן מיט אַ געלעגנהייט„, פּבּ. 2 פּראַכט איבּער דעו מאָס, איבּער דער נאָר.

מע וואָס אַ פּאַסאַזשיר (מיט דער בּאַן, שיף

אָדער עראָפּלאַן) איז באַרעכטיקט צו פֿירן אָן
באַזונדערן אָפּצאָל. „כּדי ער זאָל קיין א,
ניט צאָלן אויף דער באַן„, ייִפֿאָל, 8 1882, No.

▯

איבּערסראַכטן — טרוו. פֿראַכט איבּער, ~
געפֿראַכט. 1. (סוחריש) אָנלאָדן מיט מער פֿראַכט
ווי מע דאַרף, ווי עס איז די נאָרמע. א, די
בוידן מיט צו פֿיל באַלן סחורה. 2. אַריבּער
לאָדן. א, די סחורה אין אַן אַנדער וואַגאָן.
איבּערפֿראַנטעווען — ־טעווע איבּער, ~
געפֿראַנטעוועט. אוטוו — פֿראַנטעווען כּסדר,
אַ לענגערע צײַט. א, מיט די לאַקירקעס און
מיט די ווילדע שניפּסן. טרוו — איבּערשטײַגן
אין פֿראַנטעווען. קומען פֿון דער גרויסער
שטאָט און א, אַלע אָרטיקע יונגעלײַט.

-

איבּערסראַסקען — טרוו. ־קע איבּער, ~
געפֿראַסקעט. איבּערפּאַטשן מיט הילכיקע פּעטש.
א, די לאָבּוסעס.

איבּערסריזירן — טרוו. ־זיר איבּער, ~(גע)־
פֿריזירט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש
מאַכן אַ פֿריזור. א, לויט דער איצטיקער
מאָדע. 2. פֿריזירן אַ צאָל, אַ לענגערע צײַט.
א, אפֿשר אַ טוץ דאַמען אין איין
אַרבּעטסטאָג. מיט ז י ך. ־ונג.

איבּערסרייען — טרוו. פֿריי איבּער, ~
געפֿרייט. פֿלוצלונג דערפֿרייען. א, די עלטערן
מיט דער גוטער בשׂורה. אויך מיט ז י ך.
חתונה מאַכן די מיזינקע און זיו גוט א'.
אויך: אויפֿהערן זיך פֿרייען. זיך א, מיטן
איידעם, דערזען סאַראַ לא־יוצלח ער איז.
איבּערפֿרײַערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געפֿרײַערט. וואוילינגעריש. איבּערזשוליקן. א,
אַלע פֿרײַערס.

איבּערפֿרילינגען — אוטוו. נעאָל. ־לינג

איבער, ~געפֿרילינגט. 1 פֿאַרבערענגען דעם

.

פֿרילינג. א, אין ארץ־ישׂראל און אויף זומער פֿאָרן קיין צפֿון. 2. איבערבליִען. אָפּבליִען. זי האָט שוין איבערגעפֿרילינגט.

איבערסריצעווען — טרוו. ־צעווע איבער, ~געפֿריצעוועט. איבערכיטרעווען. א אַ קונה.

,

-

איבערסרירן — [אין לד פֿריִערן] פֿריר איבער, ב י ן & ה אָ ב ~געפֿרוירן, ~געפֿראָרן (לד). אוטוו פֿרירן אַ לענגערע צײַט. א, אין

אַ סיבירער לאַגער. א, אין קאַנאַדע דעם גאַנצן לאַנגן ווינטער. טרוו — 1. פֿאַרפֿרירן

אויף אַן אַנדער אופֿן, נאָכאַמאָל. א אַ
פֿלי
סיקייט וואָס איז ניט גענוג פֿאַרפֿרוירן. 2
פֿאַר.
פֿרירן איבער דער מאָס. א, פּעטשאַ, עס זאָל
ווערן ווי אײַז. 3. מאַכן צו קאַלט. א, די
שטוב. 4. לאָזן צו לאַנג לײַדן פֿון קעלט.
א, אַ פֿוס. „דאָס איז זײַן רחמנות — אַז
ער הייסט אַ ייִדיש קינד זאָל אין דרויסן
איבערגעפֿרוירן ווערן“, ספֿר שבֿחי רמ״ל,
לעמבערג. מיט ז י ך. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.

-

איבערסרישטיקן — אוטוו. ־טיק איבער,
~געפֿרישטיקט. אָפּעסן פֿרישטיק (אין
אײַלעניש). א, און הענדום־פּענדום צו די
געשעפֿטן. יאָ, שוין איבערגעפֿרישטיקט.

איבערסרישן — טרוו. פֿריש איבער, ~
געפֿרישט. 1. אָפּפֿרישן, באַנײַען (אויבנאויף).

א אַן אַלטן לאָזונג. א אַ פּיעסע. „באַלד

נאָך דער מלחמה האָט מען די דאַטשע
איבערגעפֿרישט„, ספּ, סודות. 2. מאַכן עס זאָל
זײַן אָדער אויסזען פֿרישער. א, אין אויוון
די נעכטיקע זעמל. 3. פֿיג. דערמאָנען,
אַרויפֿברענגען אויפֿן זכּרון פּאַסירונגען פֿון אַמאָל.
א, מיט די יוגנט־פֿרײַנד די ליבע חדר־יאָרן.
מיט ז י ך — „אַ מענטש מוז זיך אַ ביסל
אָפּרוען, א, זיך„, י□tראל וואַקסער. ־ונ□ג.
־עכץ. ־עניש.

-

איבערסרעג — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערפֿרעגן. „יעדער אויספֿרעג זײַנער און א, פֿון
אַן עדות“, ש. ביקל, טמז, 1954 □ 14.

-

איבערסרעגן — טרוו. פֿרעג איבער, ~
געפֿרעגט. 1. פֿרעגן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ אָדער
אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די זעלביקע קשיא.
„און ווער טאָר זיך דאָס דערוועגן אונדזער

הער גאָט צו א', ווען און ווי אַזוי ער קאָן
דאָס טאָן?,,, עט, לידער. ,,דאָס קול אין דער
פֿינצטער האָט פֿאַרחידושט איבערגעפֿרעגט:
'ווער איז דאָ?'", סמב. ,,איז פֿון אייביק אָן
געוואוינט געוואָרן...קיין שום שאלה נישט
איבערצופֿרעגן", ראָבינזאָהן, ווילנע 1880. ,,די
מאַמע איז קאַרג און אויסגערעכנט
פֿאַרבי...
טערט און פֿאַריאָגט...קאָן נישט פֿאַרטראָגן אַז
מען איבערפֿרעגט זי עפּעס", שמעון
האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט,.
2. דזוו פֿרעגן. ,,האָסט ניט איבערגעקלערט
און ניט איבערגעפֿרעגט און — ביסט
געלאָפֿן"; "אַ סימן, איך האָב דיך אַפֿילו ניט
איבערגעפֿרעגט, צי גייען מיר דעם גלײַכן
וועג,,, ממוס. ,,און פֿייגל שטיל־פֿאַרזאָרגטע

איבערצאָלן

פֿליִען און שטעלן אָפּ זיך ווי צו א,,,, אַר,
אַ תּשרי־טאָג'.

,

3. פֿרעגן אַ סך מאָל (בײַם אויספֿרעגן,
אויספֿאָרשן). א, ווי אַן אויספֿאָרשער, אַ '

סלעדאָוואַטעל'. „דער שותּף האָט פֿאַרשטאַנען אַז
עס איז ניט אומזונסט, האָט ער אים אַזוי
לאַנג איבערגעפֿרעגט, בּיז ער האָט אים
געמוזט זאָגן וואָס דאָס איז“, מע□Iה פֿון
מהרש“א..., וואַרשע 1879. „דער בּעל־הבּית
בּײַ וועמען זי האָט געגעכטיקט האָט זי
אָנגעהויבּן א, וואָס איז איר קומען אַהער„, ש.
בּעקערמאַן, די שלימזלניצע, אַדעס 1887.
4. פֿרעגן אַ צאָל. א, אַלעמען. „אַן אַנדער
מלמד וואָס פֿלעגט ליבּ האָבּן איבּערצופֿרעגן
למדנים דעם פּשט, האָט מען גערופֿן איציקל
מסופּק“, פּ. פֿרימער, ייִשפּ 2 ,XXII.
מיט ז י ך — א, זיך ווע□ עפּעס ־עבּ□ו.

.

־עניש. ־ער (־ין, ־קע ־ערײַ.

.

-

איבּערסרעגעריש — אַדי. וואָס איז שייך
צו, איז (ווי) פֿון אַן איבּערפֿרעגער. א'ער

איבערסרעסן — טרוו. פֿרעס איבעו, ~
געפֿרעסן. 1. פֿרעסן אַ סך, פֿאַרשיידענע שפּײַזן,
אַ גרויסע צאָל. ״וויפֿל אינדיקעס ער האָט
איבערגעפֿרעסן אין זײַן לעבן,,, רייד.
געווײנלעך מיט ז י ך — פֿרעסן איבער יעדער
מאָס און זיך שעדיקן מיט דעם. ,,ווען איינער
וויל זײַן פֿון אַל די קואַנקהייט פֿרײַא, זוא
זאָל ער זיך ניט איברפֿרעסן צו זאַט״, משל
הקדמוני, אוסטרהא 1808. ,,זײַנע צוויי בעסטע
קי האָבן זיך איבערגעפֿרעסן, געקריגן
אויפֿגעלאָפֿענע בײַכער און געפּלאַצט״, אָפּאַ, ,
פֿײַערדיקע צלמים'. ,,האָבן זיך אייניקע
איבערגעפֿרעסן מיט גרינע אוגערקעס און האָבן זיך
געקאַטשעט אויף די בײַכעו,,, יראל
רוחומובסקי, זכרונות..., פּאַריז 2 .1930. דזוו
איבערעסן, ב4, נאָר שטאַרקער. זײַערס קען
א, די הויט. איבערגעפֿרעסן ווערן פֿון קנאה.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע). ־ערײַ.

איבערצאָל — מצ: ־ן. 1. די. העכסטע צאָל
אין אַ ריי. אַן אַריטמעטישע פּראָגרעסיע וואו
די א, איז 100. 2. דער. אַקט פֿון איבערצאָלן.

1. צאָלן (פֿאַר עפּעס) טײַער, מער ווי ס'איז
איבערצאָלן — טרוו. צאָל איבער, ~געצאָלט.

דער ווערט אָדער דער אײַנגעשטעלטער פּרײַז.
„ווערסט ניט א, — וועסט ניט קויפֿן“, שוו.
„אויך אַ קלוגער צאָלט, אָבער אַ נאַר צאָלט
איבער“, שוו. „ווען אַלע סוחרים אַשטייגער
וואָלטן זאָגן נאָר דעם אמת, וואָלטן די
קויפֿערס געהאַט שטענדיק גוטע סחורה...און זיי
וואָלטן ניט א',„ איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ],
בלעטער, פּעטערבורג, 2 .27 1901, No.
אויסצאָלן אָדער געבן רעשט(ע) מער ווי עס קומט
(לויט דער רעכענונג). „מענטשן וואָס וועלן
ניט צוריקקערן געלט וואָס מע האָט זיי
איבערגעצאָלט דורך אַ טעות,„ פֿאָר, 30 1964 X.
3. צאָלן מער ווי ס'איז דער אײַנגעשטעלטער
טאַריף. דערגרייכן אַ הויכע פּראָדוקציע דורו
א, די אַרבעטער. „[פֿאָרד] וועט חרובֿ מאַכן
אַלע אינדוסטריעס אין אַמעריקע מיט זײַנע

אַנאַוכיסטישע, דרכים פֿון הפֿקרדיק א, די
,
אַרבעטער“, פּאַש, 1955 II 15. מיט ז י ו.
*ער צאָלט זיד ניט איבער = איז אַן
אויסגערעכנטער, אַ קאַרגער. ־ונג. ־עכן.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
איבערצאַם — מצ: ־ען. 1. די. דזוו צאַם,
אָבער אַ צײַטווײַליקע אָדער אַ שוואַכע. 2. דער.
אַקט פֿון איבערצאַמען.
איבערצאַמען — טרוו. צאַם איבער, ~
געצאַמט. לד. דזוו איבערצוימען ←. „אַ
דעמבענע וואַנט האָט איבערגעצאַמט דעם גדוב
אויף צווייען“, פּ. רודאָי, טמז, 1966 III 13.
־ונג. ־עכץ. —עניש.
איבערצאַפּלען — אוטוו. ־פּל איבער, ~
געצאַפּלט. צאַפּלען, ציטערו, זיך וואַרפֿן אַ
לענגערע צײַט. א, ווי פֿיש אויף דער יבשה.
זיך פֿאַררוקן אין אַ ווינקעלע און א, פֿאַר
שרעק. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
איבערצאַפּן — טרוו. צאַפּ איבער, ~
געצאַפּט. 1. אויפֿעפֿענען אַ קראַן (שפּונט,

צאַפּן), לאָזן אַרויסרינען אַ פֿליסיקייט און עס לאָזן אַרײַנרינען אין אַן אַנדער כּלי (פּעסל). „מע טאָר ניט א, ווײַן פֿון איין פּעסל אין אַן אַנדער פּעסל“, רייד. 2. (אויס)צאַפּן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. “וואָס די רוצחים האָבן איבערגעצאַפּט ייִדיש בלוט במשך פֿון דורות“.

איבערצאַצקעווען, ־קע(נע)ן — טרוו. ־קע(ווע) איבער, ~געצאַצקע(ווע)ט. 1. גאָכאַמאָל, אַנדערש אויסצאַצקע(ווע)ן (). 2. איבער דער מאָס אויסצאַצקען. א, אַ היטעלע מיט אַ גאַנצן בלומען־גאָרטן. מיט ז י ך — 1. זיך צאַצקען און אויפֿהערן. 2. אַ לענגערע צײַט זיך צאַצקען.

איבערצאָר(ע)נען — אוטוו. צאָרן איבער, ~געצאָרנט. 1. צאָר(ע)נען, זײַן אין צושטאַנד פֿון אַ שטאַרקן כּעס, אַ לענגערע צײַט אָדער איבער אַ צאָל סיבּות. א, אויף אונדז איבער עפּעס אַ קלייניקייט. 2. צאָר(ע)נען און אויפֿהערן. דער שטורעם וועט א, און מע וועט קענען זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

איבערצוג — דער, ־ן. 1. אײַנשיט (פּאַר פּעדערן), ציך אָדער לײַלעך. בעטוועש בכלל. „מיט חיימלען אויף דער האַנט האָט זי זיו געבויגן, געעפֿנט אַ וואַליזע, אַרויסגענומען

קלאָרן א',, ב. דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט.
2. איבערדעק אויף אַ בעט אָדער ספּעציעל
צוגעפּאַסטער באַדעק אויף ווייך (זן — האַרט)
מעבל. טשעכאָל. ,,נאָר איצט האָט דער א,
פֿון די שטולן שוין אויסגעזען ברוין...
געגלאַנצט...געווען געלאַטעט,,, קמ, 37 1863, No.
,,מײַנע...האָט דווקא געוואָלט אַ גרינעם א,
אויפֿן מעבל,,, פּרץ, 'אָן נדן...'. ,,די סאָפֿע
און די בעטן זײַנען איבערגעדעקט מיט א'ן
וואָס זי אַליין נייט אויף“, טמז, 19 1964 XI.
3. דזוו איבערצי, ב4. אויך: א, פֿאַר אַ
טשעמאָדאַן.
איבערצוואָגן — טרוו. צוואָג איבער, ~
געצוואָגן. 1. גרינטלעך וואַשן (עמעצן) די האָר
פֿון קאָפּ נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל. א, די
מיידעלעך האַרט פֿאַר ליכט־בענטשן. א, דעם קאָפּ,

ווײַל עס איז געבליבן שין. 2. פֿיג. שטאַרק
קויטיקירן. א, דעם רעזשיסער פֿאַך דער
אומגעראָטענער אויפֿפֿירונג. ־עכ□ן. ־עניש.
איבערצוואַנג — דער, ־ען. דאָס וואָס ווערט
דורכגעפֿירט (דערגדייכט) מיט אַ גרעסערן

צוואַנג, מיט מער כּוח, מיט שטאַרקערן ווילן.
→. איבּעדצווינגען. מיט א, גובֿר זײַן דעם יצר־הרע.

איבּערצוואַניען — טרוו. ־ניע איבּער, ~ געצוואַניעט. פּר. איבּערכיטרעווען, איבּערזשוליקן. איבּערקליגן. א, די פּאָליציי. א, דעם אויספֿאָרשער בײַ אַן אויספֿאָרשונג.

איבּערצוויטען — אוטוו. ־טע איבּער, ~ געצוויטעט. אויפֿהערן צוויטען, בּליִען. די ביימער וועלן בּאַלד שוין א'.

איבּערצוויטערן, ~צוויטשע(ד)ן — אוטוו. ־טער, ־טשע(ר) איבּער; ~געצוויטערט, ~געצוויטשע(ר)ט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבּן די קלאַנגען (ענלעכע צו) צווי־צווי. שוועלבּעלעך וועלן א, דעם גאַנצן פֿרימאָרגן. מיט ז י ך — אויך קזוו. „שפּאַצירן מײַלן־ווײַט גלאַט אַזוי; זיך אַפּשטעלן בײַ יעדן ווײַטן בּוים, זיך א, מיט די פֿייגל“, י. עמיאָט, פֿאָר, 5▯19 ▯ 9.

איבּערצווינגען — טרוו. צווינג איבּער, ~ נעצוואונגען. 1. איבּערשטאַרקן, גובֿר זײַן, מנצח זײַן (מיט פֿיזישן כּוח אָדער דורך אָנשטרענגען דעם ווילן). א, דעם פּאַרטנער אין פֿאַרמעסט. א, די מידקייט און פֿאַרענדיקן די אַרבּעט.

א, די תּאווה, דעם חשק. „ווען דו צו משפּט טושׂט גין,...דוא ווערשׂט יענם איבּר צווינגן אָדר דוא ווערשׂט פֿון יענם אונטר דרונגן,„, עיון, יבֿ/כ. „ווען אים דער יצר־הרע איין מאָל איבּר צווינגט [דאָ, אויך אין אַנדערע אַרכ ציטאַטן: איבּערצווי'נגען] מיט איין קליינה זאַו, דער נאָך איבּר צווינגט אים דער יצרהרע מיט איין גרושׂי זאַך,„, עוז, סד/ד. „און, די מאַנן מיט די פֿערד די ער ווערט שיקן אום הורקנוס אַוועק צו פֿירן זאָלשׂטו ווײַזן צו מיר, דען ווער איך זי איבּר צווינגן“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, עב/א. 2. צווינגען אַ סך מאָל, אַ צאָל מענטשן. מיט קלעפּ א, די קרבּנות זיי זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט און שטיין לעבּן גרובּ. מיט ז י ך. ־עניש.

איבּערצויבּערן — טרוו. ־ער איבּער, ~ געצויבּערט. איבּערכּישופֿן. אַרויסרופֿן (בּײַ אַ צאָל) בּאַוואונדערונג צו זיך. א, דעם עולם מיטן שפּילן (רעדן).

איבּערצוימען — טרוו. צוים איבּער, ~ געצוימט. צעטיילן, מאַכן אַ מחיצה אין אַ צימער (בּנין, הויף אע). א, דעם גאָרטן. א, דאָס גרויסע שול־צימער מיט אַ בּאַוועגלעך ווענטל און מאַכן צוויי קלאַסן. „מע האָט אונדז

געגעבן אַ שטופּ מיט אַ קאַמער...די גרויסע
שטופּ האָבן מיר איבערגעצוימט מיט אַ
פֿאָרהאַנג▯, י▯ראל רוחומובֿסקי, זכרונות..., פּאַריז
1930. ־ונג. ־עניש.
איבערצופּן — טרוו. צופּ איבער, ~געצופּט.
צופּן כסדו, אַ סך. א, יעדער האָר פֿון בערדל.
א, (פֿון) אַ לאַבן ברויט. די שטעטלשע ציגן

איבערצײַגונג

װעלן א, דעם שטרויענעם דאַך. א, װילדגראָזן.
—עניש.

▯

איבערצוסרידן — אַדי. אינגאַנצן, זייער
צופֿרידן. מיט אַן א'ענעם שמייכל. ״די
באָנגאָמרויען זײַנען א, מיט...אַ צירונג װאָס מאַכט
זיי אין אונדזערע אויגן פֿאַר פֿאַרזעענישן״,
דער נײַער גײַסט, נ,,י 1898, No ▯.
איבערצוקערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געצוקערט. 1. צוגעבן, אַרויפֿגעבן, אָדער
אַרײַנשיטן צו פֿיל צוקער. א, די קאַװע. א,

אײַנגעמאַכטס. 2. באַצוקערן אַ סך. א אַלע טאָרטן.

,

3. פֿיג. מגזם זײַן, מאַכן צו זיס רייד,

לויבוווערטער. א, דעם אַרטיקל, די דרשה. ־ונג.

איבערצי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון

איבערציִען. 2. בעטציַיג־ אָדער מעבל־באַצי.

איבערצוג. „די קאַנאַפּע איז געווען אַ נײַע

מיט אַ ברוינעם א',,, טמז, 3 .22 1965 I. אוקר,

ל2. איבערדעק, צודעק. 4. האַלטער (צודעק)

פֿון שטאָף פֿאַר אַ חפֿץ (עס זאָל זיך ניט

אָפּניצן). א, פֿון אַ קעשענע־זייגער. אַן א, פֿאַר

א שרייַבמאַשין פֿאַר אַ גיטאַר. „האָט ער מיר

—

,

געהייסן דעם ציבוק דערהאַלטן אין דעם א,

אַרײַן“, יפּ. א'־ק ל י י ד ל. א'־ס וו ע ט ע ר.

א'־ב ל אַ ט. א'־פּ אַ פּ י ר. אויך: ־עכץ.

איבערציאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון איבערציִען. אַן א, פֿון דער

לאָטעריי.

איבערציטערן — אוטוו. ־ער איבער, ~

געציטערט. 1. ציטערן אַ געוויסע צײַט. א,

אויפֿן פֿראָסט ווי אין אַ קדחת. 2. אַ

לענגערע צײַט, כסדר שרעקן זיך. אויך. פֿון צײַט

.

צו צײַט. „דער וואָס ציטערט איבּער צו פֿיל פֿאַר מענטשן מאַכט זיך שלימזל“, מס, משלי תּקע„ד, כט, 25. „דערמאָנט זיך נאָר...אײַער דאגת־חיונה...אײַער א', וואָס וועט זײַן שפּעטער!„, בּ. פֿײַגענבּוים, די גאולה, נ„י 1893.
3. דזוו ציטערן, אויפֿציטערן, שרעקן זיך. „מילא, ציטערסטו גאָר איבּער, ער זאָל נישט ח“ו האָבּן עפּעס אַ צער פֿון דעם בּוך□, יפּ. „מיט אַזאַ ווײַבּל איז גלאַט אַ נחת...מע דאַרף ניט א', איבּערטראַכטן“, נ. ח. לעוונער, אַ חתן איבּער אַ נאַכט, ווילנע 1898. ־ניש.

איבּערצײַג — דאָס (דער), ־ן. צײַג (שטאָף) וואָס איז פֿון אויבּן. איבּערצוג. איבּערצי. „ יענטעלע...האָט אויסגעזוכט שיין א, אויפֿן מעבּל“, קמ, 17 1870, No. בּ ע ט־א'. 2. אייבּערשטע (רעכטע) זײַט פֿון אַ מלבּוש, אַ בּילד אע (אין היפּוך צו דער אונטערשטער, דער לינקער זײַט, אונטערשלאַק). „בּילדער וואָס זאָלן האָבּן אין זיך צוויי געשטאַלטן, אַ רעכטע זײַט מיט אַ לינקער זײַט, אַן א, מיט אַן אונטערשלאַק“, שע, סטעמפּעניו.

איבּעדצײַגונג — די, ־ען. ל2. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבּערצײַגן. ס'איז פֿאַרשפּרייט די א, אַז... „בּאַזיגן [די נאַטור] מיט

מיטלען ווי איבערלייגונג...א'ען...איז כמעט ווי
אוממעגלעך,,, פּ. ט. סעגאַל, די שיינע נייטע..
רין, ווילנע 1894. 2. פֿעסטע גלייבונג,
זיכערע מיינונג פּולע (פֿולשטענדיקע) א'. ס'איז
.
מײַן טיפֿסטע א'. ,,זײַן יעדער וואָרט שטראָמט

איבערצײַנט

מיט אמת, מיט א, און גערעכטיקייט,,, ספּ,
סודות. ,,וואָס העלפֿט דײַן א, און דײַן גלויבן,
דײַן פֿעסטער צוטרו אַז דו האָסט טאַלאַנט",
,
יחואָש, 'ווען גלויבן העלפֿט ניט'. ,,עס זײַנען
ניטאָ בײַ אים קיין א'ען פֿאַראַן נאָר
שטי,
מונגען", שנ, שלוט אַש. 3. מיטל צו
דערווײַזן. קיינע א'ען ווען ניט העלפֿן. ,,ווײַל
דער שבת איז אַ צייכן און אַן א, אַז מיר
גלייבן אין מציאת־השם און השגחה", שמו
פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבערג 1893.
איבערצײַ'גט — אַדי, פֿאַר איבערצײַ'גן ←.
אַן א'ער פֿאַרטיי־מאַן, אָנהענגער. מיט ז ײַ ן
& ו ו ע ר ן — ניט ספֿקן, נאָר זײַן (ווערן)

זיכער, זײַן (ווערן) אײַנגעגלייבט. א, זײַן אין

עמעצנס אויפֿר כטיקייט. זײַן כמעט א, אין

עפּעס. „איך בין אין איר פֿרומהייט ניט א'‟,

א. ב. רוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע 1865. „הער

דובנאָוו איז טיף א, אַז דער גלות ועט

קיינמאָל ניט פֿאַרשווינדן‟, זשיט II , נ״י 1917.

„...האָט געלט און איז א, אַז דאָס איז דער

עיקר פֿון דעם לעבן„, קאָר I, נ״י 1938. „איך

בין געווען א, אין מײַן געדאַנק, איך האָב

אים אָבער מורא געהאַט אויסצופֿירן‟, ווײַס,

'ווי דער גורל פֿירט'. ‟איר זײַט דאָך אין

לאָנדאָן, איר קענט דאָך אין אַלעם א, ווערן‟,

שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבערג l893.

איבערצײַגלעך — אַדי. וואָס מע קען

איבערצײַגן אין דעם. א'ע מיינונג. א'ע פֿאַקטן.

־קייט.

איבערצײַ'גן — טרוו. ~צײַ'ג, ~צײַ'גט.

.Mhd :ו be — iugen, . :ו be1 eigen

אַרכ. דטשמ, אָפּט געניצט. מאַכן אַז עמעצער

זאָל זײַן זיכער אין עפּעס. דערווײַזן אַז עס

איז ריכטיק, עס איז אמתדיק, אַז עס איז

אַזוי (ווי מע פֿאַרזיכערט). א, עמעצן אַז דער

פּלאַן איז אַ גוטער. „דער גערין וויל לײַגין

דער זאָגט דז מן אין ניט קאַן איבּר צײַגן,,,
צוכט. ״נו, איך האָבּ זײ איבּערצײַגט, ווי אַזוי
מיר אַלע וואָלטן געווען פֿאַרלאָרן...,,, ש.
הויכבּוים, א יוד, אַדעס 1869. ״מיט אַלע
מעגלעכע פֿאַקטישע בּאַווײַזן א, אַז...״, צעד. ,,מיט
דער קראַפֿט פֿון איר אויפֿריכטיקייט האָט
[זי] איס איבּערצײַגט אַז ער מוז מיט איר
פֿאָרן״, ספּ, סודות. ,,קלעפּ נאָר קענען א',,,
יהואָש, ,צו עשׂון'. ,,זײ ווילן שטענדיק א,
אַז ז   אַליין זײַנען בּאַרופֿן און געבּענטשט
״
פֿון גאָט,,, סעג, קאַפּריזן. ,,אַפֿילו דער נשׂיא
פֿון בּבֿל וועט מיך נישט א'״ פֿוול.

,
מיט ז י ך — אויך: אײַנזען, קומען צו
אַן אויספֿיר, צו אַ פֿעסטער מסקנא. זײַן
זיכער אין עפּעס. ,,האָט זיך די אויבּערקייט
שוין איבּערצײַגט אַז אייניקע...זײַנען
בּאַהילפֿיק געווען די מ אַטעזשניקעס״, בּרוך
ריי
דזונסקי, איבּערזעצער פֿון ווילנער קהל, ,הודעה
על־פּי פּקודת הקיסר יר,,ה לעדת יהודים
דגובּערניעס ווילנא והוראָדנאָ ואָבּלאַסט
בּיאַליסטאָק', 1812. ,,נאָך אַלעמען האָט זיך די

רעגירונג איבערצײַגט אַז מייסטנס ייִדן זײַנען אָרעם“, קמ, 5 1870, No. „באַלד האָט ער זיך איבערצײַגט אַז עס פֿעלט שוין אים...“, בעמ III. „און דעמאָלט האָב איך זיך איבערצײַגט אָז

94

חסידות איז אַזא אַרטיקל וואָס וועט נישט אויסגיין„, יק. *קרוטשקעס איבערצײַגט זיך : (בײַ אַ שפּיל) אַ פֿאַלשקייט ווײַזט זיך אַרויס, אַנטפּלעקט זיך. ־ונ ג.

אי'בערצײַגן — טרוו. צײַג איבער, ~ געצײַגט. 1. נעאָל. מאָדערניזירטע און פֿאַרייִדישטע פֿאָרעם פֿון איבערצײַ'גן. זײַן (וערן) אי'בערצײַגט אין עפּעס. עס איז ניט איבער צ וצײַגן. „די אַלע ראַיות האָבן איבערגעצײַגט דעם אימפּעראַטאָר וואָס האָט געוואָלט זיך א,“, ימ איבז, שד II. אויך מיט ז י ך — [אין דער פֿאָרעם פֿון דער קומעדיקער צײַט קען מען ניט וויסן צי מע האָט אי'בערצײַגן אָדער גאָר איבערצײַ'גן]. א, זיך מיט די אייגענע אויגן. „זיי ווילן זיך א, צי ס'איז שפּינוועבס“, א. קאַהאַן, אַהרן ליבערמאַן, קיִעוו 1935.

2. צײגן, װײזן אַ צאָל זאַכן. א, דעם קונה כלערליי אַרטיקלען און גאָרנישט פֿאַרקויפֿן.
־ונג. ־עכ־ן. ־עניש.
איבערצײגנד — אַדי. דטשמ. נר. → דוווו.
איבערצײגנדיק — אדי. וואָס העלפֿט (קען)
איבערצײגן, דערווײזן. ברענגען א'ע ראַיות. ניט קיין א'ע רעדע. „די דאָזיקע דערציילונג האָט אַן אויסלאָז וואָס...איז...ניט א'„, שנ, וועגן יודישע שרײַבער II.
איבערצײגעוודיק — אדי. דזוו
איבערצײגלעך, איבערצײגנדיק, השפּעהדיק, סוגעסטיוו. „אַמווינציקסטן איז א, ווען ד[סידים פֿון ' דעהעברעאיזאַציע, טרעטן אויף ווי פֿאַרזאָרגער..„„ נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 3. „מע קען שוין אויפֿקלערן אַ סך ספֿקות ניט בלויז אויפֿן סמך פֿון סוביעקטיווע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, נאָר אויך שׂכלדיקער, אָביעקטיווער, א'ער“, ימ, ייִשפּ I, 1. ־יקייט.
איבערצײט — די, ־ן. 1. צײט וואָס איז מער ווי אַ באַשטימטע, רעגולירטע צאָל שעהן פֿון אַרבעט. “האָט מען געאַרבעט אין אַלע פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן...10 ביז 14 שעה אין טאָג...אַפֿילו א, האָט מען נאָך געאַרבעט“, ב פֿײגענבויס פֿאַרוואָס זײַנען אַזעלכע

שלעכ. ,
טע צײַטן, נ,,י 1893. ,,איך אַרבעט א, און
זי...רײַסט אױס בײַ מיר יעדן מינדסטן גראָשן,,,
מלה, 'די זונה — אונדזער פֿירערשאַפֿט'.
2. 'געבאָרגטע, צײַט. אומגעריכט לאַנגע
לעבנצײַט. דער זקן לעבט שוין אויף א'. 3. נעאָל.
דאָס וואָס איז העכער, מער ווי צײַט. ,,דאָס
קינד אין וויגל וויל קיין קינד אין וויג ניט
זײַן; די צײַט וויל צײַט ניט זײַן נאָר
איבערא', און וויל אַלעמען און זיך אַוועקוואַרפֿן,,,
צײַט, מטטרון.
איבערצײַטיק — אַדי. 1. וואָס איז מער
צײַטיק ווי מע דאַרף, ווי עס איז גוט. א'ע
פּירות וואָס הייבן שוין אָן צו פֿוילן. אַן א'ע
אוגערקע. א'ע מויד. ,,אין נאָז טעמט אַ ריח
פֿון א'ע, צוגעלעגענע אויבסטן“, מ. גראָסמאַן,
היימיש, 2 .1 XI 1958. אדי פֿון איבערצײַט
←. א ע אידייען. ־יקייט.
איבערצײַטיקן — טרוו. ־טיק איבער, ~
געצײַטיקט. 1. מאַכן, גורם זײַן עס זאָל ווערן
צײַטיק איבער דער מאָס. ניט שנײַדן דאָס

איבערציילן

פֿעלד באַצײַטנס און לאָזן א, די תּבֿואה. "נאָך ערגער איז אָבער אָסיען־צײַט, ווען אַלע פּירות ווערן שוין איבער[גע]צײַטיקט און מער קען ער שוין אין סאָד ניט בלײַבן", אַר, 'אין סאָד'.

,,זי [די היץ] האָט געשמאָלצן דעם אַספֿאַלט פֿון בּרוק...איבערגעצײַטיקט דאָס אויפֿס אין די פֿרוכט־געוועלבן", באַש פֿאָר, 1963 ◻י 17.

,

2. דזוו אויסצײַטיקן, בּ2, נאָר צו לאַנג, איבער דער נייטיקער צײַט.

איבערצײַטיש — אַדי. וואָס איז איבער דער צײַט, וואָס ווערט ניט בּטל מיט דער צײַט. ,,אין דער קולטור און שפּראַך זײַנען פֿאַראַן וואונדערלעכע א'ע ווערטן", מוו, ייִבל ◻XXX. ־קייט.

איבערצײַטלעך — אַדי. 1. וואָס איז ניט פֿאַרבּונדן מיט איין אָפּשניט פֿון צײַט, ניט באַגרענעצט בלויז אויף איין באַשטימטער צײַט. א'ע עטישע ווערטן. א'ע מאָטיוון אין קונסט. ,,איז נאַטירלעך בײַ אים זײַן א'ער און אויסעראָרטלעכער צוגאַנג צו צײַט־ און אָרט־געשעענישן,,, שנ, ה. לייוויק. ,,ווי א, מיר זאָלן ניט זײַן, לעבן מיר דאָך אין די ראַמען פֿון צײַט,,, ימ, ש ול־פּנקס, שיקאַגאָ 1948. 2. וואָס

איז מחוץ גרענעצן פֿון צײַט; וואָס איז
אייביק. "גריבלען זיך אין צײַט־ און סבֿיבֿה־
אומשטענדן פֿון אַ קינסטלער...האָט אַ זינען נאָר
אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל דאָס ראַמט אָפּ
דעם וועג און העלפֿט אונדז צוקומען צו דאָס
א'ע און איבערסבֿיבֿהדיקע", שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II. „דאָס פֿעסטע, דאָס
סטאַבילע, דאָס א'ע, דאָס אייביקע איז געווען
פֿאַרבונדן מיט לשון־קודש„, ימ, קוד, 1943.
„די אייביקע, נישט נאָר די איבערפּאַרטייאישע,
נאָר אויך א'ע, די איבערדורותדיקע אינטערעסן
פֿון אַן אייביקער אומה", צײַט, טמז, 8 l965 I.
־קייט — „געוויינלעך דערהייבט [לייוויק]
אָרט־ און צײַט־שטאָף ביז צו א, און
אויסערסבֿיבֿהדיקייט„, שנ, ה. לייוויק.
איבערצייכענען — טרוו. ־כן איבער, ~
געצייכנט. 1. קאָפּירן אַ צייכענונג (אַן אייגענע
אָדער אַ פֿרעמדע). א, אויף זײַדפּאַפּיר. 2.
צייכענען נאָכאַמאָל, אַנדערש. א, דעם פּלאַן פֿון
בנין. 3. צייכענען אַ צאָל מאָל. „אָבער
זעלטן גיט זיך עס איַין צו איבערמאָלן און
צו א, [דאָס רעדט זיך וועגן איבערגרימירן]
דאָס פּנים מיט אַזאַ...קאָנצענטרירטקייט", מוק,
טעאַטער און יי[...]ו, טעאַטער. 4. שטעלן

אַנדערע צייכנס. א, די סחורה, צוקלעפּן צעטעלעך מיט געהעכערטע פּרײַזן. א, די קאָמפּאָזיציעס פֿון די תּלמידים, ווײַל די פּריִערדיקע צייכנס זײַנען צו נידעריק. ־ונג. ־עניש. ־ער.

איבּערציילן — טרוו. צייל איבּער, ..'
געציילט. 1. ציילן בּיזן סוף (גרויסע סכומען).
אויסציילן. אַזוי פֿיל אַז מע קען ניט '.
ס'איז ניט איבּערצוציילן. א, אַחת ואַחת. מע קען א, אויף די פֿינגער (דעם עולם). א, מיט
. אויגן, צי עס איז שוין פֿאַראַן אַ מנין.
,,זײַ אַ חכם און צייל איבּער די שטערן,,,
פֿוול = גיי טו עפּעס וואָס איז ניט מיגלעך.
,,ווען עס וואָלט זיך אײַנ אַמלען די גאַנצע

איבּערצייל(עווד)יק

וועלט וואָס איז געווען פֿון אָדם הראשון בּיז משיח וועט קומען און זאָלן ציילן די שטערן, וואָלטן זיי ניט געקענט א'", נצ2, פּד/ב. ,,'מנה, — ווער קען א'; 'עפּר, — די ערד, דאָס מיינט מען די קבֿרים; 'יעקבֿ, — וואָס מע האָט אָנגעמאַכט בּײַ יעקבֿ", ממוס, קליאַטשע. ,,דער

וואָס לאָזט טרערן אויף אַ כשרן מענטשן —
ציילט גאָט איבער די טרערן און באַהאַלט
זיי אין זײַנע שאַצקאַמערן,,, זלמן־בער
וואָלפּטרוב, דער הספּד אויף די אַדעסער קדבנות,
אַדעס 1906. ,,בײַם אָל און בײַם וואַרשטאַט,
בײַם רידל און האַק, אין חורבֿות
פֿאַרפּעסטיקט פֿון שימל, געפֿינט זיך דער מלאך וואָס
קומט יעדן טאָג זיי איבערצוציילן,,, יהואָש,
'דער למד־וואָוו'. *ער קען זיך (ניט) זײַנע
ציין אַליין א, = קען זיך (ניט) באַגיין אָן
זײַטיקער הילף.
2. ציילן נאָכאַמאָל, אַ צאָל מאָל.
נאָכרעכענען. ,,ווען גלייבט אַ ליטוואַק? אַז ער ציילט
דרײַ מאָל איבער‘‘, פֿוול. א, די קאַסע. ,,דער
מלך האָט אים געבאָטן...ער זאָל דאָס געלט
א, און איבערוועגן,,, חה, כה. 3. געבן צו
פֿיל אויסגאָב. א, בײַם געבן רעשט פֿון אַ
פֿינפֿערל. מיט ז י ך — זיך א, פֿאַרן שפּילן.
די ראָטע ציילט זיך איבער. ,,עטלעכע
אורחים זיצן הינטערן אויוון ציילן זיך איבער
'בגנבֿה, די 'קניפּלעך, און שמועסן פֿון גוטע
וועטשערעס‘‘, שמעון האַדאָנטשיק, 'גאָטס משפּט'.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) ־ערײַ.
איבערצייל(עווד)יק — אַדי. וואָס מע קען

איבערציילן. אויף די שטערן אין הימל זײַנען א'.
־יקייט.
איבערציכלען — טרוו. ־כל איבער, ~
געציכלט. איבערבײַטן, איבערציִען ציכלעך פֿון
קישנס פֿון בעטגעוואַנט בכלל. א, דאָס
בעט,
געוואַנט לכּבֿוד יום־טובֿ. אויף: ~ציכן —
בײַטן אַ ציך.
איבערציל(י)ען

— טרו . עוו . דזוו
אי. ציל י)ע איבער,
~געציל(י)עט. אויף: ~צי
בערסיל(י)ען ←. נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש
אויפֿציִען עפּעס אויף אַ פּאָדעם, אַ שנירל. א,
קאַרעלן, פּערל אויף אַ נײַ שנירל.
איבערצילן (זיך) — אוטוו. ציל (זיך)
איבער, (זיך) ~געצילט. אַ צאָל מאָל פּרווון
טרעפֿן אין ציל. א, אפֿשר צען מאָל און נאָר
איין מאָל טרעפֿן.
איבערצילעווען — ־לעווע איבער, ~
געצילעוועט. אוטוו — שיסן (וואַרפֿן) ווײַטער
ווי עס איז דער ציל. טרוו — דזוו
איבערציל(י)ען.
איבערצימבלען — טרוו. ־בל איבער, ~

געצימבלט. 1. איבערשפּילן (שלעכט, מיט קלאַפּעריַי). א, דעם מאַרש. 2. איבערשמיַיסן, איבערקלאַפּן, איבערשלאָגן. א, (אין) די זיַיט־מירמוחלס. ־עכץ. ־עניש.

איבערצינדן — צינד איבער, ~געצונדן. 1. אָגצינדן נאָכאַמאָל, אַנדערש, אויף אַן אַנדער אָרט. א, די ליכט, דעם שיַיטער. אויך פֿיג. „היטן די פֿלאַמען פֿון דער אַלטער היים

..

און א, זיי אין הערצער פֿון די הי־געבאָרענע

יונגע מענטשן“, ים, קוד, 1950. 2. אונטערצינדן אַ צאָל. א, היַיזער מיט אַ לופֿטאַטאַק. ־עניש.

איבערצינען — טרוו. צין איבער, ~געצינט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש באַדעקן מיט אַ צעשמעלץ פֿון צין. „דאש בילד גיסט דער איַיזן שמיד...אונ, דער גאָלד שמיד מיט גאָלד איבר דינט ערש, דר נוך איבר צינטש“, סהמ, ישעיה, מ, 19. „דיא כלים [אויף פסח] דיא מן איבר צינט דאַרף מן ניט כשרן“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, יד/א. 2. איבערדעקן

מיט צינענע בלעכן. א, דעם דאַך.

איבערצינקעווען — טרוו. ־קעווע איבער, ~געצינקעוועט. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש באַדעקן מיט צינק. א אַ פּלאַטע.

,

איבערצ□עכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון איבערציִען. 2. איבערצוג, איבערצי. געהיל. „דאָס א, אין די בעטן איז שוואַרץ ווי בלאָטע“, טמז, 30 X 1964.

איבערצ□ען — טרוו. צי איבער, ~געצויגן. 1. פֿונדאָסנײַ, נאָכאַמאָל, מיט אַן אַנדער שטאָף באַציִע□, מאַכן אַן איבערצוג. אָנציִען פֿונדאָסנײַ. א, די קאַנאַפּע, דעם פֿאָטערשטול. „די שטולן מיט גאָלד געשטיקט א',,, טןיזנט און איין טאָג, ווילנע 1878. א, אַ סטרונע פֿון אַ פֿידל. 2. אַראָפּנעמען אַן איבערדעק (וואָס איז ניט גענוג ריין, איז צעריסן) און אַרויפֿציִען, באַדעקן מיט עפּעס וואָס איז גאַנץ, ריין אָדער נ□ א, די בעטן מיט פֿרישע לײַלעכער. „קומט צוריק...טראָגנדיק אין אַ קאָשיקל פֿרישע ווײַסע ציכן און ציט איבער...[דאָ□] בעטגעוואַנט“, יאַ, שטערנטיכל. „מע האָט געמוזט גענוג וואַשן...,, א, אירע קישנס, פֿאַרשפּרייטן אַן אַנדער

קאַוויאָר,,, יד, אבֿן נגף.
3. אַרויפֿציִען עפּעס איבער עפּעס;
באַדעקן, פֿאַרדעקן. אויך פֿיג. ,,אַן עלאַסטישן
באַנדאַזש צום א, די אויסערסטע טײלן פֿון
קערפּער בײַ אַ בלוט־פֿליסונג,,, טאַרלער רבי,
סגולות ורפֿואות II, לאָדז, יאָר? ,,דער שניי
.האָט מיטן אָוונט גענומען פֿרירן, .
איבערגעצויגן די ביימער מיט אײַז", אָפּאַ, פּוילישע
וועלדער. ,,...געוואָלט פֿאַרקערפּערן און א,
מיט פֿלייש און ביינער די אַלע רעיונות וואָס
האָבן דעמאָלט געשוועבט אין דער לופֿט",
יודישער קאלענדאַר לשנת תּרע"ב, לעמבערג
1911. ,,...דען דיא פֿאלשהייט איז דיא וועלט
איבר צוהן, דאז רעכט איז נון גאַנץ
אנטפֿלוהן", ספֿר משליס, פֿפֿדמ 1686.
4. (בײַ פֿאַרשיידענע מלאָכות) אַדעקן,
באַציִען, אַרויפֿציִען עפּעס אויף (איבער) עפּעס.
מלל פֿאַרטײַטשט 'ויעבר ברתּוקות זהבֿ, (
מלכים א, ו, 21): ,,איבר צאָגן אודר בלייגט"
[תּי: "איבערגעצויגן"]. א, דאָס פּײַקל מיט
הויט. א אַ דאַך מיט פּאַפּ, בלעך. א, מיט
לעדער אַ מעטאַלענעם שלאָס פֿון אַ
האַנטבײַטל. א, הילצערנע קנעפּ מיט שטאָף. א,

לעדער = אויך: באַדעקן מיט אַ פֿאַרב. *א,
אַ נאָט = א) איבערגיין מיט אַ נאָדל כּדי די
נאָט זאָל ווייניקער זיך אַרויסזען; ב)
איבערגיין מיט אַ פּרעסל, די נאָט זאָל זיך ניט
אַרויסזען. א, מיט אַ מעטאַל. א, קופּער מיט

איבערצ עז

גאָלד. *א, אַ פּ ע ל ץ = לאָזן דעם אַלטן
פּעלץ און אַרויפֿנייען אויף אים נײַעם שטאָף.
א, אַ ב ג ד = באַציִען, באַדעקן מיט נאָך אַ
דינעם שטאָף. א, אַ קלייד מיט טול. *א, פֿ ע ל
— אַרויסנעמען פֿעל(ן) פֿון טשאָפּ (וואו מע

האַלט זיי אין דער גאַרבערײַ) און וואַרפֿן
זיי נאָכדעם צוריק, כּדי איבערצומישן די
פֿעלן. „מע לייגט אַרויף אויפֿן פֿלעק אַ שטיק
לעשפּאַפּיר און מע ציט איבער...מיט אַ הייסן
פּרעסאײַזן„, ש. שפּיראָ, קליידער פֿאַרבערײַ,
וואַרשע 1900. *א אַ ב ת [באַט] =
באַ,
קלעפּן מיט פּאַרמעט (בײַם מאַכן תּפֿילין,
טשערנאָביל). „אויף די טייטיל בוים האָט ער
דאשׂ גאָלד איבר צוגין„, סהמ, מלכים א, ו, 32.

5. נאָכשרײַבן לויט אַן אַפּיר, אַ מוסטער.
ציִען ליניעס, איבערפֿאַרבן לויט אַ מוסטער.
א, די פּינטעלעך מיט אַ קאָלירטן בלײַער. א,
די פֿיגורן מיט פֿאַרבלעך פֿאַר די אָנפֿאַנגער

. ,,

פֿלעגט דער רבי אָנשרײַבן דעם אַלף־בית מיט
אַ בלײַשטיפֿט און □יר פֿלעגן די אותיות א,
מיט טינט“, ל. קובאָוויצקי, טאָג, 18 XI 1950.

6. אַריבערלייגן (אין דער גאַנצער לענג).
א, דעם יונגאַטש איבערן בענקל און גוט
אַרײַנצאַכצען. ,,האָט מען אים איבערגעצויגן
אויף דעם טיש...און מע האָט אים מקיים
פסק געווען“, א. נוסבאַום, פּעמעלע די
גאַבעטע, וואַרשע 1885.

7. איבער דער מאָס, צו שטאַרק ציִען, מער
ווי מע דאַרף. א, אַ ספּרונזשינע. א, גומי. א,
דעם זייגער. *א, דאָס ש ט ר י ק ל, (די ס ט ר
ונ ע, דעם ב ו י ג ן) — פֿאַרלאַנגען פֿאָדערן,

—
,

מאָנען צו פֿיל, צו שטרענג — און ניט
דערגרייכן וואָס מע וויל, ווײַל עס רופֿט אַרויס
אַן אַקעגנשטעלן זיך. ,,אַז מע ציט איבער דאָס
שטריקל, פּלאַצט בײַ יענעם דאָס געדולד,,,
רייד. ,,אַ דערציִער טאָר ניט א, דאָס

שטריקל״, ימ. „דער אמת איז טאַקע מע טאָר זיך
ניט אײַלן, מע דאַרף נישט אויף איין מאָל
א, דעם בויגן פֿאַרשטייט איר?״, ממוס,
טאַק.
סע. „צו פֿיל...איז אַ סכּנה...מע טאָר ניט
א, די סטרונע,,, אַר, 'פֿאַרשאַכערט זײַן נאָמען,.
8. צו לאַנג ציִען (בּנוגע צײַט). צו פֿיל
אויסציִען די צײַט פֿאַרשפּעטיקן מיט אַ
טער,
מין. א, דעם רעפֿעראַט אויף אַ גאַנצער שעה.
א, די דערלויבּטע צײַט צו ריידן. „אויבּ אויפֿן
מאָנאַט האָט [מען] אַ טאָג איבּערגעצויגן פֿילט
, —
ער אויס דעם וועקסל, מאָנט איבּערנײַס געלט״,
צונ, המנגן, לעמבּערג. „ווען אַנטאָניאָ וועט
אַפֿילו א, דעם טערמין, ועסטו דאָך זײַן
פֿלייש ניט פֿאַרלאַנגען״, פֿרייד איבּז, דער
קויפֿמאַנן פֿון ווענעדיק, וואַרשע 1903.
9. שטעלן אַ צו הויכן פּרײַז. א, די פּרײַזן.
אויך: א, א ו י פֿ ן פּרײַז. „ווען דער מוכר
דעם לוקח...איבּער[גע]צויגן האָט, למשל...מיט
איין פֿינפֿטל טײַערער...איז אויך אָסור״, הרבֿ
מרדכי הקרוויץ, ספֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר

()1. ציִען עפּעס פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן. א, טעלעפֿאָן־דראָטן. „פֿון איר דאַך האָט ער איבּערגעצויגן אַ שטריק בּיז דעם זעגלשיפֿל„, י. ראַווינסקי איבּז, דע□ פֿאַלשער שולד־בּריעף,

איבּערצ□ען

וואַרשע 11 .1885. ציִען איבער עפּעס. א, דעס סוועטער איבּערן קאָפּ.

12. ציִעו, אַריבּערציִען, אַריבּערקריגן עמעצן פֿון איין צד, גרופּע צו אַ צווייטן צד, גרופּע. א, אויף אונדזער צד. א, די וואַקלדיקע צו שטימען פֿאַרן קאַנדידאַט.

13. ציִען נאָכאַמאָל (בּײַ אַ שפּיל, אַ לאָטעריי אע). „איין צעטעלע איז געווען מיט אַ סימן. לאָמיר א, אַלע צעטעלעך“, ריין.

14. אַריבּערפֿירן בּײַם העלפֿן אַריבּערקלײַבּן זיך פֿון איין דירה אויף אַן אַנדערער. רופֿן מענטשן זיי זאָלן א, אַלע ז אַ כ ן. „גיי און זוך אַ צימער...דער איטאַליענער וועט ד י ך אויף זײַן גאַסוועגעלע א',„ אָפּאַ, היבּרו.

15. אַריבּערוועגן. די דעכטע שאָל ציט איבּער די לינקע. פֿיג. די עבֿירות ציִען איבּער מצוות.

מיט ז י ך — 1. מיט בּ3. ,,אַלזו בּלד
איבּר צוג זיך דער הימל מיט אייטל וואָלקן
אונ, היבּט אַן גאַר זער צו רעגנן□, □בּ,
מעשׂה צו. ,,דער הימל האָט זיך
איבּערגעצויגן מיט אַ פּרוכת ווי אויף שבּת חזון,,,
פּרץ, גאָלדענע קייט. 2. זיך אויסציִען. פּד.
,,...געעפֿנט בּרייט זײַנע בּלויע אויגן,
פֿאַרלייגט זײַנע הענט אונטערן קאָפּ, זיך
איבּערגעצויגן און זיך פֿונאַנדערגעגענעצט,,, אָפּאַ,
ראָטאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

איבּערצ□ען — אוטוו. צי איבּעו, בּי ן □.
ה אָ בּ ~געצויגן. געוויינלעך מיט ז י ך.
1. איבּערגיין, איבּערקלײַבּו זיך אויף אַן
אַנדער אָרט, בּײַטן די דירה, משנה מקום זײַן.
,,ווען האָט אַ ייִד אַ גוטע שעה? ווען ער
ציט איבּער אין אַ נײַער דידה [מע זאָגט
אים: 'אין אַ גוטער שעה□],,, פֿוול. ,,יעקל
מיט זײַן ווײַבּ זענען בּאַלד איבּערגעצויגן
צו דודלען אין קוואַרטיר“, יהל, די
אומבּאַקאַנטע פֿאַרליבּטע, וואַרשע 1901. ,,האָבּן זיו
פֿיל חסידישע פֿאַמיליעס איבּערגעצויגן אין
די סטעפּעס“, לדבּ, נ“י תּשי,,ז. ,,אַז דאָס הויז
איז אײַנגעפֿאַלן, האָט זיך דער רבֿ

איבערגעצויגן אין אַ געדונגענער דירה אַרײַן", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 2. אויסשטועקן זיך (האָריזאָנטאַל אָדער ווערטיקאַ). א, זיך אין דער גאַנצער הייך (לענ).

איבערצעניש — דאָס (ד), ־ן. (געדויער דיקע) פּראָצעס פֿון איבערציִען (זיך).

איבערצער — דער, ־ס. 1. ווער עס סוט די אַרבעט פֿון איבערציִען. אַן א, פֿון מעבל. אַן א, פֿון גאָלד אויף פּשוטע מעטאַלן. אַן א, מיט אַ לאַסטאויטאָ. „ער אַליין איז אַמאָל געווען אַן א, פֿון מעבל„, אפֿא, טמז, 2 .4 1965 II. (ווערבערע) אַרבעטער וואָס זײַן עובֿדא איז צו קאָנטראָלירן, צי דאָס געוועב איז ווי געהעריק גערייניקט און גענופּט. 3. איבערצוג, איבערדעק. „ווען איר וואַשט אויס דעם א, פֿונעם פּרעסברעט, דאַרפֿט איר אים צוריק אַרויפֿציִען", פֿאָר, 29 1965 X. „די גרויסע קאַנאַפּע...מיט איר לעדערנעם אַלטמאָדישן א„, אַש, אַ שטעטל.

4. לײַכטער זומערדיקער אייבערמאַנטל. „דער בחור איז שוין געווען אַ שטיק דײַטש,

ד,,ה דײַטש רעדן האָט ער נישט געקענט,
נאָר געטראָגן אַ קורצן געלן א, מיט אַ
דאַרן קאַפּעליוש,,, יוסף גראבּס, גש, ווין 1919.
,,דאָס פּריצישע וואָלשטאָפֿענע א'ל טרענט זיו
אים אונטער די אָרעמס,,, נאַד.
איבּערציעשען זיך — אוטוו. ־שע זיך
איבּער, זיך ~געציעשעט. וורר. אַ לענגערע
צײַט האָבּן פֿאַרגעניגן פֿון רייצן זיך מיט
עמעצן פֿון באַליידיקן אע. א, זיך איבּער
,
אָרעמע מענטשן. א, זיך מיטן הינטל.

▯

איבּערציסערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געציפֿערט. 1. איבּערשוייַבּן ציפֿערן. א, די
עטיקעטקעס. א, די זײַטלעו פֿון מאַנוסקריפּט.
2. שפּאַסיק. איבּעררעכענען. ,,די מעלה פֿון
זײַן אַ פּאָעט בײַ ייִדן איז ניס איבּערצוציפֿעון“,
דער לעבּעדיקער, פֿאַש, 18 ▯ 1952 II.
איבּערצירן — טרוו. ציר איבּער, ~געציוט.
1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש אויסצירן. א,

דעם זאַל פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג. 2. (אויס)־
צירן אַ סך, אַ לענגעוע צײַט. ~ציר —
„ס'לעצטע ביסל...פֿון שטילן א'", בּ.
ווײַנשטיין, טמז, 22 ◌ 1959 .III
איבּערצירעווען — טרוו. ־רעווע איבּער,
~געצירעוועט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש
צירעווען, אויספֿאַרריכטן מיט אַ נאָדל און
פֿאָדעם. א, די ריסן אין די הויזן. 2.
צירעווען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, אַ פּאַק זאָקן.
איבּערצלמען — [...ציילעמען] טרוו. צלם
איבּער, ~געצלמט. 1. איבּערפֿירן מיט די
פֿינגער דעם צייכן פֿון אַ צלם (אויף דער
בּרוסט) נאָכאַמאָל אָדער איבּער אַ צאָל. א,
דאָס קראַנקע קינד. וואוילייוננעריש. א, מיט
אַ קוש = אין שטערן, מויל און בּיידע
אויגן. „קומען צום רבֿ מיט אַ שאלה, צי
מע מעג א, אַ שיקסע מיט אַ קוש", ווערטל.
געוויינלעך מיט ז י ך (אויך ווען עס איז
בּלויז איין מאָל). „די גויִם אָבּער האָבּן
אים פֿאַרשטאַנען, זיך איבּערגעצלמט און דרײַ
מאָל אויסגעשפּיגן", ממוס, שלמה. „דער
אַפּטייקער, סויט ווי אַלע טויטע, האָט זיך
נעבּעך געמוזט דרײַ מאָל א'", ש◌, אין
שטורעם. „זיי זײַנען דאָך רוחות. האָט די

מאָנאַכין געזאָגט, און זיך דערבײַ איבערגעצלמט,,,
ספּ, סודות. 2. אָפּשמדן. איבערשמדן. ,,ער
האָט זי נישט געוואָלט א, [= שמדן]“, י.
מעצקער, אויפֿן זיידנס פֿעלדער.

ג יג□ גיט מיט □ב□ע... ← צ□

□

איב רצ ־ — די וו רט ר וואָס מ

+ דעם ערשטן אות פֿון שטאַם.

אי'בערצעווע'קט □. — אַדי. וואָס איז
צעוועקט, צערודערט, אויפֿגערעגט איבער דער
מאָס, מער ווי עס איז נאָרמאַל. א'ע נערוון.

מיט אַן א'ן געמיט. □קייט — איראַדיאַציע.
,,צי איז טאַקע אַזוי טראַגיש מיט דער א/
מיט די געפֿעס־צערודערונגען, מיטן פֿאַטאַלן
אינדיווידואַליזם פֿונעם דערוואַקסלינג, ווי מע
שרעקט אונדז,,, מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט.

איבערצעמענטירן — טרוו. ־טיר איבער,
~צעמענטירט. 1. איבערפֿעסטיקן מיט

צעאיבערקאָכן

מענט. א, דעם פֿונדאַמענט, די שטיינעתע וואַנט. 2. פֿיג. נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש פֿאַרפֿעסטיקן, צונויפֿפֿעסטיקן. א, דעם פֿאַראיין. ־ונג.

איבערצענטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געצענטלט. דזוו אויסצענטלען, ב2. א, דויַ פֿערטל אין 0.75.

איבערצערטלעך — אַדי. וואָס איז צערטלעך איבער דער מאָס. „האָבן ליב זייערע קינדער צערטלעך, א'„, מוו איבז, פֿרויד,... פּסיכאָאַנאַליז.

איבערצערטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געצערטלט. 1. פּעסטען, פּיעשטשען, באַלעווען צו פֿיל, איבער דער מאָס. א, די בת־יחידה. 2. צערטלען אַ סך, אַ צאָל. א, ווי אַ מאַמע איר קראַנק עופֿעלע. א, אַלע קינדערלעך. מיט ז י ך — קזוו. ־עניש.

איבערצערן זיך — אוטוו. צער זיך איבער, זיו ~געצערט. זיו צערן איבער דער מאָס. זיך א, און פֿאַרלירן די כּוחות.

איבערקאַדויטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~געקאַדויטשעט. סל. ל2. אַ סך, שטאַרק שלאָגן, אָנברעכן די ביינער. א, די צעווילדעוועטע ווײַסע־חבֿרהניקעס.

איבערקאָוועז — טרוו. ־ווע איבער, ~ געקאָוועט. סל. איבערשמידן. א, די פֿערד. א, די פֿעסלעך מיט אײַזערנע רייפֿן. „לייזער איז אַוועק א, די פֿערד“, אָפּאַ, אַ ציגאַנקע'.

,

—וואונג, מאַרק ווב.

איבערקאָווערקעווען — טרוו. ־ווע איבער, ~געקאָווערקעוועט. רוסיצ. איבערקרימען, איבערדרייען, פֿאַרדרייען. „נעמען די רייד פֿון משה רבינו וואָס ער האָט געזאָגט אויף דעם לאַנד מצרים ,לא תוסיפֿו לראותה עד עולם, — און א, אויף ארץ־ישׂראל„, מל„ל [מ. ליליענבלום], ייִפֿאָל, 1882, No l7.

איבערקאַטאַלאָגירן — טרוו. ־ .ר איבער, ~קאַטאַלאָגירט. אויפֿסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן קאַטאַלאָגירן. א אַלע ביכער פֿון דער

,

ביבליאָטעק. ־ונג.

איבערקאַטעווען — טרוו. ־טעווע איבער, ~געקאַטעוועט. 1. קאַטעווען, שטאַרק שמײַסן אַ צאָל. א, אַלע ייִנגלעך וואָס האָבן ניט געקענט דאָס לייעניש. 2. שטאַרק צערײַסן. א, די הויזן, עס זאָלן זיך נאָכשלעפּן צויטן.

איבערקאַטשען — טרוו. ־טשע איבעו, ~

געקאַטשעט. 1. איבערקײַקלען, איבערקאָלערן. א, די ליידיקע פּעסער. 2. איבערמאַנגלען. א, די לײַלעכער. 3. איבערוועלגערו. א, אַ בלאַט לאָקשן. מיט ז י ך — א, זיך אויף דער אַנדערער זײַט. ־עניש.

איבערקאָך — דער, ־ן. אַקט אָדער פּראָדוקט פֿון איבערקאָכן.

איבערקאָכיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען איבערקאָכן. א'ע פֿליסיקייט.

איבערקאָכן — טרוו. קאָך איבער, ~ געקאָכט. 1. קאָכן לענגער ווי מע דאַרף. „ פֿלאַנצן און גרינסן טאָר מען ניט א, ווײַל עס פֿאַרלירט דעם געשמאַק“, מישולאָוו, וועגעט,

איבערקאָכן זיך

קאָכבוך, נ„י 1926. 2. קאָכן גאָכאַמאָל, עטלעכע מאָל, אַ לענגערע צײַט. א, דאָס געוועש. א, די אינסטרומענטן זיי צו סטעריליזירן. א, די כּלים בײַם כשרן.

3. דורך קאָכן עפּעס בײַטו אָדער פּראָדוצירן. „געמאַכט אַ סנאַריאַד [= אַפּאַראַט] אויף א, די געזאַלצענע ימדוואַסע▯] אויף גוטער, מע זאָל זי קענען טרינקען„, י.

ראַווינסקי איבז, דער פֿאַלשער שולד־בריי□ף, וואַרשע 1885. „נאָכדעם קאָכט מען זיי [= די נשמות] ערשט איבער אין גרויסע שוואַרצע טעפּ, בײַם פֿײַער פֿון גיהנום‟, פּרץ, „וואָס חייסט נשמה‟.

4. פֿאַרדײַען. פֿאַראַרבעטן שפּײַז אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. „אַלע אָרגאַנען וואָס העלפֿן מיט איבערצוקאָכן דאָס עסן‟, וו. און ס', איבז, די מע□ה פֿון דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869. „דער כּוח וואָס האַלט דאָס עסן אין מאָגן אַז עס זאָל ז י ך גוט א'‟, חה. „דער מאָגן לאָזט זיך כּלומרשט אָפּנאַרן אַ ווײַלע, נאָר מיט דער צײַט ווערט אים שטופֿנווײַז אַלץ שווערער צו א, און פֿאַרדײַען די...געקינצלטע מאכלים‟, ייִל איבז, דר, א. א. יאַסינאָווסקי, אויס פֿלייש און פֿליישיגס I, אַדעס □)19.

5. אויפֿנעמען, משׂיג זײַן, תּופֿס זײַן (מיטן געדאַנק אָדער געפֿי□), פֿאַרטראָגן, סובֿל זײַן, גורס זײַן. זײַן מוח קען עס ניט א. *מײַן מאָגן קען עס ניט א, = איך קען דאָס ניט סובֿל זײַן. „קעשענעוו, אַלס ווי אַ צווייטע ירושלים, איז מסתּמא געווען פֿאַר אונדז עפּעס

אַזעלכעס וואָס מיר האָבן ניט ליכט געקענט א'„ גרינג, בלעטלעך פֿון אַ טאָגבוך.

6. איבעראַרבעטן, איבערבײַטן (און מאַכן עס זאָל זײַן צוגעפּאַסט, אַרײַנגעפּאַסט). „יעדער לשון קאָכט איבער די וואָקאַבלען לויט זײַן שפּראַכיקער ספּעציפֿישקייט„ א. י. זאַקוסקי, ייִשפּ XXI, 3. „די פּסיכאָלאָגיע הינקט נאָך בײַ דיר, מע דאַרף זי...אין קעסל א'□, א. גאָרדאָן, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No.

איבערקאָכן זיך — ← דפֿוו. 1. קאָכן זיך צו לאַנג, איבער דער מאָס. „קאַרטאָפֿל אַז עס ווערט פֿאַרטיק, זײַט מען עס אָפּ. וואָס דען? לאָזן א, זיך?“, אַר, 'אַ דראַמע איבער 5 קאַרטאָפֿל'. 2. זיך דורכאַרבעטן. „מע מיינט אַז אין די וואַרעמבעדער, וואו די מלכים און די מיניסטער קומען זיך צוגוי□, ווערט זיך דער עסק א'„ קמ, 26 1865, No.

3. זײַן אויפֿגערודערט, צעהיצט איבער אַ שטאַרק געפֿיל, איבערלעבונג, און זיך באַרואיקן. ער איז אין כעס, ער שרײַט, אָבער נישקשה — ער וועט באַלד זיך א'. „אַחרי כל אלה וואָס האָב איך געהאַט צו דענקען וועגן חסידות און וואָס האָט זיך געזאָלט א, בײַ מיר אין האַרצן וועגן דעם?„ ייִל,

פוילישע יונגל, אַדעס 1895. „דער אַלטער
טאַטע...געזעגנט זיך מיט איר שטיל, קורץ —
און אינעווייניק קאָכט זיך אים איבער דאָס
ביסל בּ ל ו ט„, ממוס, ווינטשפ.

4. זיך רודערן, זיך טומלען מיס אַ
געשעעניש און זיך איינשטילן. עס קאָכט זיך
מיט דעם נײַעם סקאַנדאַל אין שטעטל אַזוי

997

לאַנג ביז עס קאָכט זיו איבער. „דו וועסט
אַוועקפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן ביז עס וועט
זיו דאָ א'„, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע
1895. „האָט געמאַכט אַ גרויסן אָנזעץ...האַט
אָפּגעטראָטן, אַוועק פון די אויגן אויף אַ
פּאָר חדשים צײַט, ביז עס וועט זיו א'„,
נ. ח. לעוונער, דיא פאַלשע חתן כלה, ווילנע
1897. „האָט...אַ האָפענונג אַז עס וועט זיך
דאָ, בײַ אונדז, א'...וועט מען אים אומקערן
צוריק“, שע, טביה.

־ונג — א, פון זאַלצוואַסער. ־עניש —
אַן א, אין שטעטל.

איבערקאָכעדיק — אַדי. וואָס קען
איבערקאָכן. „אויף וואָס שטיצט זיך...די שלעכטע

ווידערשטאַנדפֿעאיקייט פֿון וועגטל פֿון מאָגן
לגבי דער א'ער ווירקונג פֿון מאָגנזאַפֿט,,,
פֿגעז, ווילנע 12 1937, No. ־יקייט.
איבערקאָכער — דער, ־ס. אויך: אַפּאַראַט
אויף איבערצוקאָכן. אויפֿשטעלן אַן א, פֿון
ים־וואַסער אין טרינקוואַסער.
איבערקאַלייען — אוטוו. ־לייע איבער, ~
קאַלייעט. סל. ווערן דורבגענומען פֿון אַ
שטאַרקער קעלט, ווערן דורכגעפֿראָרן ביז ניט זײַן
אין שטאַנד צו באַוועגן מיט די אבֿרים. א,
אין אַ גרויסער זאַווערוכע און שיִער ניט
אומקומען.
איבער יעטש עצע(נע)ן. צעקאַליעסשען,
אַליעטש — טריו ־ ע איבער,
ען .
~געקאַ ט. פּפֿ: ~סקאַ יעטשען.
אויך: ~קאַ
פֿאַרוואוגדן, צעשלאָגן, צעממיתן אַ צאָל. מאַכן
פֿאַר קאַליקעס. א, די כוליגאַנעס איינעם בײַ
איינעם. פֿיג. א, אַ פּיעסע. א, אַ לשון. ־עניש.
איבערקאָלירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־
קאָלירט. איבערפֿאַרבן (מיט דער זעלביקער
אָדער מיט אַן אַנדער פֿאַר). א, די

אויסגעשניטענע פֿיגורן. ־ונג.
איבערקאַלכן — טרוו. קאַלך איבער, ~ געקאַלכט. 1. איבערוווײַסן מיט קאַלך (ווענט, סופֿיט) נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א, נאָך דער אַרבעט פֿון פּאַרטאַטשנעם שמירער. 2. קאַלכן אַ ביסל, פֿון אויבנאויף. א, די שטוב אַבי ווי לכּבֿוד די אומגעריכטע געסט. 3. קאַלכן אַ צאָל. א אַלע שטובן. ־ונג. ־עניש.

,
איבערקאָלערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געקאָלערט. פּד. איבערקײַקלען, איבערקאַטשען. א, די פֿעסלעך. מיט ז י ך — א, זיך פֿון פֿרייד.
איבערקאַלקולירן — טרוו. ־ליר איבער, ~קאַלקולירט. איבעררעכענען, איבערחשבונען. א, עטלעכע מאָל, איידער מע שטעלט אײַן די פּרײַזן. צולייגן קאָפּ און א'. ־ונג.
איבערקאָמאַנדירן — טרוו. ־דיר איבער, ~(גע)קאָמאַנדירט. סאָוו. קאָמאַנדירן נאָכאַמאָל; באַשטימען (אַן אונטערגעאָרדנטן) אויף אַ נײַעם אַמט. „ער וויל...[אים] א, אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל„, ש. ברעגמאַן, אויפֿן מזרח..., מאָסקווע 1934. 2. אוטוו. דזוו איבערקאָמאַנדעווען. ־ונג.

איבערקאָמאַנדעווען — אוטוו. ־דעווע איבער, ~געקאָמאַנדעוועט. 1. אַ סך, אַ

לענאיבערקאָנטראָלירן

גערע צײַט קאָמאַנדעווען, ווילדעווען. א, ווי עכטע לאָבוסעס. 2. כּסדר אַרויסגעבן באַפֿעלן. א, ווי אַ פֿעלדפֿעבל איבער זײַן אָטע.

איבערקאָמבינירן — טרוו. ־ניר איבער, ~(גע)קאָמבינירט. קאָמבינירן ווידער, נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די אַטאַקע. א, ווי אַן אמתער מנחם־מענדל. 2. איבערשטײַגן, גובֿר זײַן מיטן קאָמבינירן. א, דעם קעגנער. מיט ז י ך — די ציפֿערן װעלן זיך א'. א, זיך גופֿא. ־ונג — „א'ען פֿון ווירקלעכע לעבנס־פּאַסירונגען“, בּ. ריווקין, איִנדזערע פּראָזאַאיקער.

איבערקאָמוניקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~קאָמוניקירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ קאָמוניקירן, מעלדן, לאָזן (געבן צו) וויסן. פֿאַרשטענדיקן. איבערגעבן, טראַנסמיטירן (דורך פֿאַרשיידענע קאָמוניקאַציע־מיטלען). א, דעם

בּולעטין דורך דער טעלעוויזיע. ־ונג.
איבּערקאַמען — טרוו. קאַם איבּער, ~גע..
קאַמט. פּפֿ: ~קעמען. 1. קאַמען נאָכאַמאָל,
פֿונדאָסניַי, אַנדערש. א, די האָר און מאַכן אַ
ניַיע פֿריזור. א, וואָל. 2. קאַמען אַ סך, אַ
צאָל. א, אין משך פֿון טאָג צוואַנציק קעפּ.
3. איבּערנישטערן. אַמ. א, אַלע בּאַהעלטענישן
אויסצוגעפֿינען פֿאַרבּאַהאַלטענע ייִדן. מיט ז י ך.
־ונג. ◻עכץ. ־עניש.
איבּערקאָמפּאָנירן — טרוו. ־ניר איבּער,
~קאָמפּאָנירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניַי, אויף אַן
אַנדער אופֿן קאָמפּאָנירן. איבּערשאַ◻ן. א, די
מוזיק צום 'דיבּוק'. ־ונג.
איבּערקאָמפּלעטירן — טרוו. ־טיר איבּער,
~קאָמפּלעטירט. 1. אַנדערש קאָמפּלעסירן,
אויספֿילן אַ קאָלעקציע, זאַמלונג. א, די
מאַנשאַפֿט. 2. אַיַינקריגן צום קאָמפּלעטירן מער
ווי מע דאַרף. א, די קאָלעקציע מאַרקעס.
־ונג.
איבּערקאַנדידירן — אוטוו. ־דיר איבּער,
~קאַנדידירט. זיַין נאָכאַמאָל אַ קאַנדידאַט
(פֿאַר אַ דערוויילטן אַמט). א, צוויי יאָר
שפּעטער. ־ונג.
איבּערקאָנדענסירן — טרוו. ־סיר איבּער,

~קאָנדענסירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ
קאָנדענסירן, צונויפֿפּרעסן. קירצן. מאַכן קאָמפּאַקטער.
א, די נאָוועלע. א, אַ פּיעסע. ־ונג.
איבערקאָנטאַקטירן — טרוו. ־טיר איבער,
~קאָנטאַקטירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף אַן
אַנדער אופֿן קאָנטאַקטירן, שאַפֿן פֿאַרבינדונג.
א אַלע אַגענטן, קוריערן ־ונג.
, .
איבערקאַנטעווען — טרוו. ־טעווע איבער,
~געקאַנטעוועט. 1. איבערמאַכן קאַנטן. א,
די לײַסטלעך. 2. צייכענען מיט אַ קאַנטל,
אַ ווירע, נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל. א,
באַנײַס די געאָמעטרישע פֿיגורן.
איבערקאָנטראָלירן — טרוו. ־ליר איבער,
~(גע)קאָנטראָלירט. 1. איבערקוקן, נאָכזען,
אינספּעקטירן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א, די
חשבונות. 2. קאָנטראָלירן אַ לענגערע צײַט, אַ
צאָל (זאַכן, ענינים, מענטשן). א, די
אײַנצאָלונגען פֿון הכנסה־שטײַער. א, אַלע דעטאַלן
פֿאַרן אַרויפֿשיסן אַ ראַקעט. ־ונג.

איבערקאָנטראַקטירן

איבערקאָנטראַקטירן — טרוו. ־טיר איבער,

~קאָנטראַקטירט נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף
אַן אַנדער אופֿן מחייבֿ זײַן צו עפּעס דורך
א פֿאָרמעלן אָפּמאַך. א אַלע טעכניקער און
,

-

אינזשענערן נאָכן שטרײַק. ־ונג.
איבּערקאָנסאָלידירן — טרוו. ־דיר איבּער,
~קאָנסאָלידירט. אָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף
אַן אַנדער אופֿן קאָנסאָלידירן פֿאַראייניקן.
צו—
נויפֿגיסן. א, די צעשפּליטערטע פּאַרטיי. א אַ
,
צווײַג פֿון אינדוטטריע. ־ונג.
איבּערקאָנסומ(פּ)ציע — די, ־ס.
פֿאַרניץ, געבּרויך וואָס איז איבּער די עגלעכקייטן,
איבּער די מיטלען (פֿון יחיד, געזעלשאַפֿט,
מלוכה). „ס'איז פֿאַראַן אַן א, פֿון
לוקסוסאַרטיקלען“, די קאָאָ עראַטיווע באַוועגונג,
וואַרשע 2 ,l926 No.
איבּערקאָנסטיטואירן — טרוו. ־איר איבּער,
~קאָנסטיטואירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף

אַן אַנדער אופֿן קאָנסטיטואירן.
איבעראָרגאַניזירן. איבערפֿאָרמירן. א, די פֿאַרוואַלטונג. א,
די זשורי. מיט ז י ך. ־ונג.
איבערקאָנסטרואירט — אַדי, פּאַר ← דוווו.
„אין דעם איבערקאָנסטרואירטן לעבן...האָט מען געמוזט זוכן...אַ ניצלעכע כלל־אַרבעט“, בּ. האַלפּערן, פּנקס פֿון אַ ייִדישער באַנק..., ווילנע 1936. ־קייט.
איבערקאָנסטרואירן — טרזו. ־איר איבער, ~קאָנסטרואירט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניי, אַנדערש קאָנסטרואירן (בויען, פֿורעמען). א, די סאָציאַלע אָרדענונג. א, דעם פּלאַן. ־ונג.
איבערקאָנען — אַקוזוו. איצ אימפּ נבּ; ~ געקאָנט. פּפּ: ~קענען. קאָנען טאָן פֿאַרשיידענע זאַכן. א, ווער ווייס וויפֿל מלאָכות.
איבערקאָנקורירן — טרוו. ־ריר איבער, ~(גע)קאָנקורירט. איבערשטײַגן בײַם קאָנקורירן. א, די אַנדערע קרעמערס. א, דעם שכן וואָס האַנדלט מיט דעם זעלביקן מין סחורה.
א, די אַנדערע בח▯רים וואָס דרייען זיך אַרום דער זעלביקער מיידל. „אַפּאַראַטן וואָס מוזן זיך באַרעכטיקן...דורך איבערשרײַען און א, די אַנדערע“, ש. מאַרגאָשעס, טאָג, 25 III 1961.

־ונ .

איבערקאָסטן — אוטוו & אַקוזוו. קאָסט איבער, ~געקאָסט. קאָסטן אַ סך; קאָסטן מער, איבער דער מאָס. א, אַ מטמון (מיט געלט). „פֿון זײַט דער חתונה האָסט דו מיך שוין אַ שווער פֿאַרמעגן איבערגעקאָסט". ספֿר שבֿחי רמ״ל, לעמבערג.

איבערקאָסען — טרוו. ־סע איבער, ~ געקאָסעט. אויך: ~קאָשען. 1. נאָכאַמאָל, ווידער קאָסען, שנײַדן גראָז, תּבֿואה. א, די געקאָסעטע לאָנקע. 2. קאָסען אַ סך. א, דעם קאָרן און ווייץ אין איין טאָג.

איבערקאָפּירן — טרוו. ־פּיר איבער, ~(גע)־קאָפּירט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, פֿונדאָסנײַ קאָפּירן. א, דעם דאָקומענט, ער זאָל אַרויסקומען קלאָרער. 2. דזוו קאָפּירן. איבערשרײַבן. א, עטלעכע זײַטלעך פֿון מאַנוסקריפּט. 3. נאָכמאַכן, נאָכקרימען. א אַלע זײַנע מאַנירן. —ונג.

,

איבערקאַפּען — דזוו איבערטריפֿן ←. א, איבער די ראַנדן פֿון אַ כּלי.

איבערקאָפּען — טרוו. ־פּע איבער, ~
געקאָפּע. סל. 1. איבערגראָבן. א, די ערד,
דאָס פֿעלד. 2. אַריבערבריקען. א, די פּילקע
איבערן פּלויט.
איבערקאָקעטירן — אוטוו. ־טיר איבער,
~קאָקעטירט. קאָקעטירן אַ לענגערע צײַט,
כּסדר אָדער מיט אַ צאָל. א, מיט אַלע בחורים
פֿון גאַס. א, מיט אַלע פּראַקציעס.
איבערקאַרגן — אוטוו. קאַרג איבער, ~
געקאַרגט. 1. קאַרגן איבער דער מאָס. א, און
זיך יט פֿאַרגינען דעם ביסן. 2. קאַרגן אַ
לענגערע צײַט. „איבערגעקאַרגט אַ לעבן־לאַנג
צו האָבן אַ רואיקע עלטער„, רייד.
איבערקאָרטשעווען — טרוו. ־טשעווע
איבער, ~געקאָרטשעוועט. איבערגראָבן ון
אַרויסנעמען פֿון דעם באָדן די פּענ י)עס און
וואָרצלען. א, דעם אויסגעהאַקטן וואַלד.
איבערקאָרמע(נע)ן — טרוו. ־מע איבער,
~געקאָרמעט. שפּײַזן פֿיטערן צו פֿיל,
אי׳,
בער דער מאָס. א, דעם בייַבאַק. א, דאָס
פֿערדל מיט האָבער. א, די עופֿות פֿיג. א, מיט
.

פֿאַלשע צוזאָגן. מיט ז י ך.

איבּערקאָרעגירן — טרוו. ־גיר איבּער, ~(גע)־
קאָרעגירט. קאָרעגירן נאָכאַמאָל, בּאַנײַס. א,
די קאָמפּאָזיציעס פֿון די תּלמידים ־ונג.

.

איבּערקוואַטשען — טרוו. ־טשע איבּער,
~געקוואַטשעט. פּ־י: ~קוואָטשען. 1.
בּאַלאַבּעטשען, בּרײַען נאָכאַמאָל, אַרויסבּרענגען
בּאַנײַס רייד וואָס האָבּן ניט קיין זינען. א,
די געוויינטלעכע שטותים. 2. איבּערטאַפּן,
איבּערקנעטן עפּעס וואָס איז ווייך און
קוואַטשיק. הער אויף איבּערצוקוואַטשען ט־יג.
־עניש.

איבּערקוו(אַ'אָ)טשקען — ־קע איבּער, ~
געקוואָטשקעט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט
אַרויסבּרענגען קלאַנגען ווי אַ הון, אַ קוואָטשקע.
א, ווי אַ הון. טדוו — איבּערחזרן עפּעס
קוואָטשקענדיק. א, די זעלבּיקע בּקשה. ־עניש.

איבּערקוואַליפֿיצירן — טרוו. ־ציר איבּער,
~קוואַליפֿיצירט. אויסלערנען און צופּאַסן צו
אַ נײַעם פֿאַך. בּײַטן די קוואַליפֿיקאַציע,
פֿעאיקייט צו אַ פּראָפֿעסיע. א, די ערדאַרבּעטער,
זיי צופּאַסן צו אינדוסטריע. „עס זײַנען...
אָנגענומען געוואָרן...פֿאַרשידענע מיטלען

איבּערצוקוואַליפֿיצירן די דורך אויטאָמאַציע אַרויסגעשטויסענע אַרבּעטער,,, פֿאַש, 1963 ▯ 15. אויך מיט ז י ך — ,,אָפּגעאַרבּעט צוויי יאָר בּײַ פֿאַרשיידענע אַרבּעטן, געגוג. כ'וויל זיך א',,, מ. גאָלדשטיין, זבּ, בּירעבּידזשאַן, מאָסקווע 1936. ־ונג.

איבּערקוואַלן — ← איבּערקוועלן.

איבּערקוואַפּע(נע)ן זיך — אוטוו. ־פּע זיך איבּער, זיך ~געקוואַפּעט. לר. אומאיידל. כּסדר, אַ לענגערע צײַט בּאַגערן, שטרעבּן צו קריגן, דערגרייכן. זיו א, אויף אַ שטיק מיאוסקייט.

איבּערקוועלן

איבּערקוואָקטשען — דזוו איבּערקוואָטשקען.

איבּערקוואַקען — אויפֿן זעלבּיקן אופֿן ווי איבּערקוואַטשקען, נאָר וועגן די קלאַנגען קוואַקוואַ, ווי אַ פֿראָש. ~קוואָקען — וועגן די קלאַנגען קוואָ־קוואָ, ווי אַ הון. ־עניש.

איבּערקוואַרטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~(גע)קוואַרטירט. 1. אַריבּערפֿירן אויף אַן אַנדער קוואַרטיר (געוויינלעך וועגן זעלנערס). 2. אַריבּערפֿירן די קוואַרטיר, דעם שטאַבּ,

זיצפּונקט פֿון דער אַרמײ־אָנפֿירונג. א, דעם
גענעראַלשטאַב. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
איבערקוואַשען — טרוו. ־שע איבער, ~
געקוואַשעט. וורר. פּפֿ: ~קוואַסען. סל.
איבערזײַערן. א, קרויט און ניט קענען עסן.
איבערקוויטירן — טרוו. ־טיר איבער, ~(גע)־
קוויטירט. 1. ווידער אָדער אַנדערש קוויטירן.
א, די אַרײַנגעקומענע נדבֿות. 2. אַ▯יויסגעבן
אַ קוויטל אויף אַ גרעסערער סומע ווי מע
דאַרף, ווי עס איז ריכטיק. על־פּ▯ טעות א,
אַן אַרײַנגעקומענע סומע ־ונג.

.

איבערקוויטשען — ־טשע איבער, ~
געקוויטשעט. אוטוו — קוויטשען אַ לענגערע צײַט.
א, ווי אַ חזיר. טרוו — איבערשטײַגן אין
(בײַם) קוויטשען. אַ קולכעלע וואָס קוויטשעט
אַלעמען איבער. מיט ז י ך — קוויטשען און
אויפֿהערן ־עניש.

▯

.

אַיבערקוויקן זיך — אַקוזוו. קוויק זיך
איבער, זיך ~געקוויקט. אַ ביסל, אויף אַ ווײַל
אָדער אויף גיך זיך דערקוויקן מיט עפּעס וואָס

פֿאַרשאַפֿט הנאה. א, זיך דאָס ה אַ ר ץ מיט
אַ לעק בּראַנפֿן. א, זיך מיט צווייִדײַטיקע וויצן.
־עכ▯ן — אויך: דאָס מיט וואָס מע קוויקט
זיך איבּער. ־עניש.
איבּערקוועטשן — טרוו. קוועטש איבּער,
~געקוועטשט. 1. איבּערדריקן, ספּעצ אַזוינס
וואָס פֿון דעם קומט אַרויס אַ פֿליסיקייט. א,
די מאַראַנצן ניט צו פֿאַרלירן קיין טראָפּן
זאַפֿט. א, זוימען און אויסקוועטשן דעם
גאַנצן אייל. א, וועש. 2. איבּערטאַפּן. א, דאָס
עסנוואַרג. וואול. א, מוידן. מיט ז י ו —
1. קזוו. 2. אומאיידל. אַ לענגערע צײַט זיך
קוועטשן, זיך קווענקלען. א, זיך בּיזן
אַרויסקוועטשן אַן ענטפֿער.
איבּערקוועלן
— אוטוו. קוועל איבּער, ~▯־
קוועלט (~געקוואָלן). פּפֿ: ~קוואַ ן.
1. שטראָמען, פֿליסן איבּער די געוויינלעכע
בּר▯גן (מחמת פֿאַרשטאַרקטן צופֿלוס). א,
איבּער דער אַרומצוימונג. 2. איבּעריוירן. ווערן
גרויס, צעוואַקסן. זשוראַווינעס, פּאַרעטשקעס
קענען א'. דאָס טייג ועט א, איבּערן מולטער.
„ס'איז דאָס האַרץ פֿון דער וועלט, וואָס זײַן

תּהום איבּערקווע'לט [נ] און איז בּיז אַרויף
צו די שטערן געדרונגען“, יהואָש, 'בּין־
השמשות,.

איבּערקוועלן — [פּד, אוקר ע] טרוו. קוועל
איבּער, ~געקוועלט. איבּערמאַטערן,
איבּערפּײַניקן. א, עמעצן מיט פֿיזישע און גײַסטיקע
פּײַניקונגען. אויו מיט ז י ך — זיך א,
אין דער פֿרעמד. ־עניש.

איבּערקוילען

איבּערקוילען — טרוו. לע איבּער, ~
געקוילעט. 1. קוילען, שעכטן אַ צאָל. א, אַלע
הינער און לאָזן נאָר דעם אַלטן האָן. 2.
איבּעךשנײַדן, איבּערשעכטן. „האָסט גענומען...
אַ גאַנצע שטובּ מיט לעבּעדיקע נפֿשות...און
האָסט זיי איבּערגעקוילעט דעם האַלדז אָ ן
אַ מעסער„, שע, טבֿיה. מיט ז י ך ־עניש.

.

קו רקוילערן

— ט ערן [אין לד ניטאָ].

איבּ וו. ־ער איבּער, ~

געערט. פּפֿ: ~קאָ

דזוו איבּערקײַקלען, איבּערקויקלען. א, די

פֿעסלעך ווײַן. מיט ז י ך — זיך א, אויפֿן גראָז. זיך א, אויף רעכטס, אויף לינקס. „דער קײַלעך וואָס רופֿט זיך ערד האָט זיך ווידער געהאַט איבערגעקוילערט איבער דער אַקס', באַש פֿאָר, 22 1966 I ־ניש.

, .

איבערקוי — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערקויפֿן. אַ גערױטענער א.. 2. דאָס וואָס (אָדער מיט וואָס) מע קויפֿט איבער. שוחד.

איבערקויפֿלעך — אַדי. וואָס אָדער וועמען מע קען איבערקויפֿן. א'ער ריכטער, עדות. ־קייט. [איבערקויפֿבאַר — דטשמ, נר].

איבערקויסן — טרוו. קויף איבער, ~ געקויפֿט. 1. קויפֿן כּדי גלײַך צו פֿאַרקויפֿן (ניט האַלטן אויף לאַגע). ← איבערפֿאַרקויפֿן. 2. קויפֿן עפּעס בײַ עמעצן וואָס האָט אָקערשט איצט געהאַט געקויפֿט. א, פֿון דעם שכן דאָס וועגעלע האָלץ וואָס ער האָט געקויפֿט אויפֿן מאַרק. 3. קויפֿן עפּעס וואָס אַן אַנדערער האַלט אין קויפֿן. „מע האָט איבערגעקויפֿט,

איבערגעדונגען“, זש, טמז, 4 .5 1965 IX.
קויפֿן אַ סך. א אַלץ וואָס איז אויף דער פּאָליצע.

,

5. אונטערקויפֿן; געבן שוויַגגעלט, שוחד.
א, די עדות, די וועכטער. „א, אַזוי פֿיל
אינסטאַנציעס לאָזט זיך אויך ניט„, קמ, 1865,
No 19. „דעם טײַוול און די אשה — ביידע
זאָלט איר א'„, צײַט, יעקבֿ פֿראַנק. 6.
געווינען. אַרויסרופֿן אַ צונייגונג, שאַפֿן
סימפּאַטיע. „דײַנע צוויי גנבֿישע אויגן האָבן דאָך
מיך איבערגעקויפֿט„, פֿל. גנבֿים־ליד. מיט ז י ך
— „די מלאָכים וואָס היטן דעם גן־עדן וואָלטן
זיך אפֿשר געלאָזט א'„, פּרץ, 'אַלטוואַרג'.
־ונג. ־עכ‌ן. ־עניש.

-

איבערקויסער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט קויפֿן כדי גלײַך
צו פֿאַרקויפֿן; ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט
יעדער מין איבערקויפֿן. אַן א'קע פֿון הינער,
גענדז. אַן א, פֿון גניבֿות. „משׁשת ימי בּראשית
זײַנען די ייִדן באַשאַפֿן געוואָרן זיי זאָלן זײַן
קרעמער, סוחרים און א'ס„, שע, 'די גרויסע

בהלה,. ־יש — אַדי.
איבערקויקלען — → איבערקײַקלען. מיט
ז י ך — ,,דער הוסט האָט אים געמוטשעט,
די ליחות האָבן זיך געשטעלט אין האַלדז,
געבולבעט און זיך איבערגעקויקלט אַרויף און
אַראָפּ“, ממוס, שטורעמצײַט ־עניש.
.
איבערקול — [...קאָ] דער & דאָס. ־ות
[...קוילעס]. פּקפֿ: ~קולכל [...קעלכ].
העכערער, זײַטיקער און קוויטשיקער קול וואָס
קומט ווי אַ באַגלייטונג, ווי אַן עכאָ צום קול.
,,ער שילדערט שנײַדיק און קינסטלעריש בעת

ער רעדט — און מיטאַמאָל הער איך דאָס
א, וואָס באַגלייט זײַנע באַמערקונגען“, יג,
טמז, 24 3 19 .II.
איבערקולטיווירן — טרוו. ־וויר איבער,
~קולטיווירט. 1. אַנדערש קולטיווירן.
צופּאַסן צו אַ צווייטער קולטור. א, דעם שטעטלשן
מענטשן צום לעבן אין דער גרויסשטאָ ו. 2.
מאַכן עס זאָל וואַקסן אַנדערש. א, כריזאַנטעמעס.

מיט ז י ך. ־ונג — ״אַן איבּערוואַנדערונג
און אַן א, פֿון מיליאָנען ייִדן איבּער דער
וועלט,,, בּצג, טמז, l6 XII 1962.
איבּערקוליען — טרוו. ־ליע איבּער, ~
געקוליעט. איבּערדרייען (מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט
די פֿיס אַרויף). איבּערקערן. אומוואַרפֿן. א,
עמעצן. א, די רעגירונג. ״צו ,עושׂה שלום,
פֿון קדיש פֿלעגט ער שוין וואַרטן מע זאָל
אים א, כּמנהג הידוע״, לדבּ, נ״י תּשי״ז, קרב.
מיט ז י ך — 1. איבּערדרייען זיך,
איבּערקײַקלען ▯יך, מאַכן קאָזשעלקעס, אַקראָבּאַטישע
שטיק. ,,טו איך אַ שפּרונג, קוליע מיך פֿאַר
גרויס פֿאַרגעניגן עטלעכע מאָל איבּער,,, ממוס,
ספֿר הבּהמות. ,,שׂמחת־תּורה איז אַ טאָג פֿון
...הוליען...פֿון דער תּורהס וועגן וועט זיך אַן
ערלעכער ייִד אַפֿילו א״, י. ראָלניק, 'לייזער
דער שמיד,. ,,פּודל בּרומט...ער וואָלט זיך איצט
בּעסער איבּערגעקוליעט אַ בּיסל אויף דער
טיגרישער פֿעל, וואָס ליגט צעצויגן איבּער
דער פּאָדלאָגע״, ייִז, ▯אַלטשטאָט'. 2. גיך,
אומגעריכט און ראַדיקאַל בּײַטן אַ מיינונג, אַ
לאָאַליטעט, פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט אע. פּעיאָ. אויך:
י
זיך שמדן. א, זיך פֿון הײַנט אויף מאָרגן

און ווערן אַ פֿאַרביסענער רעאַקציאָנער. „דער
תּליון...וואונדערט זיך אויף משיח בן־יוספֿס
'נבֿיא', וואָס האָט זיך מיטאַמאָל
איבערגעקוליעט און מיט דעם זעלביקן קוויטש...לטובֿת
זײַן נעכטיקן...קעניג, קוויטשעט ער הײַנט
קעגן אים„, שנ, ה. לייוויק. ־עניש — „
אונטערצושיידן פֿון טיפֿער, עכטער...חכמה, וואָס
איז ניט געקליגלט...מיט כיטרע...ציניש ע א'ן„,
פֿאָר, 15 XII 1964.
איבערקומען — אוטוו. קום איבער, ב י ן
[ה אָ ב בלויז אין לר פֿון גראָדנע און אומג']
~געקומען. 1. האָבן ווייניק שפּײַז (און
בכלל דאָס נייטיקע צוס לעבן). דערנערן זיך
בצמצום. א, א ו י ף ברויט מיט וואַסער. א,
אויף ככּר לחם = ניט האָבן מער ווי דאָס
לעצטע שטיקל ברויט.
2. קומען צו אַ שלעכטער מדרגה.
אַרונטערקומען, ווערן אַ יורד. א, א ו י ף אַ קבצנישן
ש ט אַ נ ד. „וויי, א ו י ף וואָס איך בין
איבערגעקומען!„, רייד. „טייל [בית־מדרש־
לערנערס] זענען אַזוי פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אַז
זיי זײַנען גאָר איבערגעקומען ח„ו אויף קצבֿה“,
קמ, 10 1866, No. „אויף מײַן מעמד זאָלן
זיי א,!... די קינדער זײַנען הונגעריק, אין

שטוב איז נאַס און קאַלט“, ממוס, טאַקסע.
,,אַז אָו און ווײ איז מיר, אויף וואָס איו
בּין איבּערגעקומען“, שע, זומער־לעבּן. ,,ווער
ס'איז מיר [מיך] מקנא, זאָל ער אויף מײַן
ש ט י י ג ע ר א, באַלד!,,, בּ. שאַפּיר,
קעלערשטובּע אַדעס תרע,,ט.

איבּערקומען

3. אַרײַנפּאַלן, איבּערגיין אין אַנדערע הענט
(אונטער אַן אַנדער רשות, מאַכט). “אונדזערע
ייִדעלעך האָבּן דאָך ווייכע הערצעלעך, האָבּן
זיי אים אָפּגעלאָזט און געזאָגט: לאָז ער א,
אויף אַנדערע הענט“, ייִפּאָל, 1884' No 14.
4. קומען, אָנקומען (ווענן אַ צאָל). “
פֿונוואַנען זײַנען זיי אַלע איבּערגעקומען אַהער?“,
ריוד.
איבּערקומען — אַקוזוו. קום איבּער, בּ י ן
(אויך ה אָ) ~געקומען. 1. שווער, מיט
מאַטערניש, אין נויט דורכלעבּן אַ בּאַשטימטע
צײַט, דורכקומען. [דער אַקוזאַטיוו איז
אייגנטלעך אַ צײַט־אַקוזאַטיוו, ניט קיין אָבּיעקט.]
א אַ וואָך, אַ חודש מיט טרוקן בּרויט. ספּעצ

(ניט) א, אַ טאָג. „איר זאָלט זען אַ ביסל,
אָ קבצן וואָס האָט נישט אַ טאָג
איבערצוקומען, מאַכט אַ חתונה“, ריב״ל, די הפקר וועלט.
„דאָס טרוקענע שטיקל ברויט קומט אָן מיט
גרינע ווערעם...און מע דאַנקט דעם רבונו־
שלעולם אַז מע קומט איבער אַ טאָג“, ממו ,
'צוריק אַהיים'. „וועט מען אַ שבת א'...,
געבליבן ניט קיין סך מזומן, דאָס שבת־מאַכן
— שווער, אַ באַרג„, אַר, 'נאָך פסח'. קללה:
„עס זאָל דיר גיין אַזוי שלעכט, זאָלסט ניט
האָבן אַ טאָג איבערצוקומען“, ח. א. יאַכנוק...,
אין אַמעריקאַ, וואַרשע 1894.
2. דורכלעבן אין זייער אַ שווערן מצב
(מחמת רדיפות, שׂנאה). דורכמאַכן. א,
פּאָגראָמען, גירושים, פּורעניותן. א, די בייזע
געזעצן, דעם 'קראָמע יעוורעיעוו'. „האבן איבר
קומן א י ן צרות און, גלות“, סהמ, תּהלים,
צ, 14. „אין דיזן (פּרק) ווערט דר צילט
וואשׂ די יהודים איז איבר גקומן אין טײַטש
לנד, פּיהם, אונגרין און, אין אַלי דיא אום
ליגנדי לענדר„, שאַר, צג/ב. „דז אַלץ איז
אונז איבר גיקומן און, מיר הבן דאָך דײַן
תּורה ניט פֿר געשׂן„, קינות לתּשעה באב,

פֿיורדא 1767. *א, דעם רוס (דײַטש אע) =
איבֿערלעבֿן זײַן הערשעווען איבֿער אונדז (אים).
„איבֿערגעקומען דעם טערק, די מלחמה
דורכגעמאַכט...און אויסגעהאַלטן“, קאָר III.
3. איבֿערלעבֿן אַ שווערן מצבֿ (צרות,
אָנשיקענישן אע) און בלײַבֿן לעבֿן, אַרויסקומען
לסוף (צום טיי▯) בשלום. א, אַ סכּנה, אַ
מלחמה, אַ מגיפֿה, אַ בראָך. א, אַן
אָנשיקעניש וואָס איז אַפֿילו אין דער תּוכחה ניט
דערמאָנט. „לעבֿעדיקע צרות קומט מען
איבֿער„, שוו. „שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר
ווי די ייִדן לעבֿן רק מיט א י בֿ ע ר ק ו מ ע ן,
מען איז די ,סליעדסטווע, אויך איבֿערגעקומען„,
יהל, די קאָלאָניסטן I, וואַרשע תּר„ץ. „אבֿר
מן קער מקנא זײַן דעם וואשׂ הט שון גהט
אויף זיך פֿיל צרות, ער איז שון אַליץ איבֿר
גקומן. דא וועט זײַן סוף גוט זײַן“, שי,
מא/א. א, אַ פּעקל צרות. „געלויבֿט איז
השבך.יתבּרך וואָס מיר זעען זיך ווידער, אַ
סימן אַז דו בּיסט שוין דײַן פּעקל
איבֿערגעקומען„, אבֿג, גלגול, וואַרשע תּרנ“ו.
4. דורכלעבֿן עפּעס אין אַן אָנגעשטרענגטן
צושטאַנד און פּטור ווערן פֿון דעם. א, דעם
פֿאַרהער, דעם עקזאַמען. א אַ נסיעה. א אַ

שטורעם אויפֿן ים. א, די וואַלן. *א, מיט

איבערקונצעווען

דער באַביצעס הילף = שפּאַסיק וועגן אַ
כלומרשטער סכּנה אָדער סתּם אַן
אָנשטרענגונג. „דען דאָס דערשרעקן פֿון דעם
מלאוהמות איז גאָר צו גרויס, דרום בין איך גאָר
וואויל צופֿרידן דאָס איך עס איין מאָל
איבע [גע]קומען בין“, ר. אַבֿרהם עפּשטיין, ברך
אבֿרהס, לאַשטשעוו 1817. „דאָס פּנים איז ביַי
אים געווען בלייך, קראַנק, ווי ביַי איינעם וואָס
איז נאָר וואָס איבערגעקומען דעם פּריזיוו„,
ממוס, שטורעמציַיט. „ער האָט שוין קוים
געקאָנט א, דאָס טישל מיט באַאַמטע„, ב. דעמבלין,
צוויי און אַ דריטער. „ס'איז אַ שמייכל פֿון
'איבערקומען, די הפֿטורה און איבערגעקומען
יידישקייט„, ש. ביקל, טמז, 1960 XI 12. *א,
די בראָך (אַקטיאָריש) = פּטור געוואָרן פֿון
דער פֿאָרשטעלונג פֿאַר דער פּרעסע.
ווינטשעוואַניע: זאָלסט בשלום א, (פֿאַר אַ משפּט,
פֿאַר אַן אָפּעראַציע אע). א, שווערקייטן. איר
אויו וועגן שמדן זיך. „ווי זי [די יידישע

כלה] האָט אים [דעם גויאישן חתן] געזאָגט די פֿײַנע בשׂורה, אַז זי איז שוין למזל איבערגעקומען, האָט ער...“, ייִפֿאָל, 32 1882, No.

5. געזונט ווערן נאָך אַ שווערער קראַנקייט. א, אַ טיפֿוס. „און גאָט האָט צוגעהערט דאָס געבעט...און יאָסעלע איז איבערגעקומען... ער וועט אם ירצה השם זײַן געזונט“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

6. אַרויסקומען בשלום פֿון אַ קימפּעט. „מזל־טובֿ! די געווינערין איז איבערגעקומען“, רייד. „די מאַמע איז למזל איבערגעקומען מיט אַ בן־יחיד„, ייִל, פּוילישע יונגל, לעמבערג 1885. „פּרוּווט אַלערליי סגולות כּדי צו העלפֿן דער יולדת א, בשלום", ממוס, שטורעמצײַט. „נאָך איין געשריי, וועסטו...א, געזונטערהייט“, שע, קליינע מענטשעלעך.

7. געניזוקט ווערן, באַהערשט זײַן פֿון אַ שלעכטן כּוח. „איז איהם, השם ישמרנו, איין רוח רעה איבּר גיקומן און, האָט איהם זײַן מויל און, זײַן הענד און, פֿיס פֿר קרימט„, ר, עקיבֿ▯ בער בר, יוסף, מע▯tי ה, פֿפֿאָ 1796.

,

8. איבערגעדויערן, איבערשטאַרקן. „די אַלע פֿאַרפֿאָלגער אירע [פֿון דער תּורה] וועלן צו

שאַנד זײַן און די תּורה הקדושה וועט
אַלעמען א',,, שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלוס,
לעמבּערג 1893.
9. בּײַקומען, גובֿר זײַן, מנצח זײַן. ,,דשׂ
גישלעג ווערט ציהן גאַנצר שטונד בּישׂ זי
זיא אַל הטן אויבּר קומן,,, בּבֿא־בּוך, 581.
1O. איבּערשפּרײַזן. אַריבּערקומען.
אַריבּערגיין. ,,דאָ איז אָבּער נאָנט שבּת און מע
דאַרף קאָנעטשנע די קאַמער [= גרענעץ] א',,,
[חיים מאַלאַגאַ,] 'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ]. ,,ער
טראַכט זיו: בּין איו איבּער דעם גרויסן [
וואַסער] געגאַנגען, וועל איך דאָס קליינע וואַסער
געוויס גאַנץ גרינג א',,, דבֿרי יעקבֿ, לעמבּערג
1875. ,,לעתיד לבא וועט הקבּ"ה בּרענגען דעם
יצרהרע און וועט אים שעכטן פֿאַר די
צדיקים און פֿאַר די רשעים. פֿאַר די צדיקים וועט
ער זיך ווײַזן ווי אַ גרויסער בּאַרג און די
רשעים ווי אַ האָר דין...די צדיקים וועלן
וויינען: ווי האָבּן מיר אַזוי אַ גרויסן בּאַרג
געקאָנט א, און די רשעים...: ווי האָבּן מיר

נישט געקאָנט א, אַזוי אַ האָך", ר, מכיר,
ספֿר אַבֿקת רוכל, לעמבּערג 1850.
11. אַרכ. קריגן, בּאַקומען. ,,מוז דיר שרײַבּן

דז יאקבֿ [= יעק□] שי, מיר גשריבֿן וויא
ער גראָשׂי קעלט לײַט, וויא ער ח,,ו דאז
קדחת העט איבֿר קומן,,, פֿראָגבֿ, 26. ,,דוא
ווײשׂט ניט וויא דיא לײַט איר שפּײַז איבֿר
קומן“, מבֿ, מעשׂה קכב.

12. אַרכ. איבֿערקו'מען (~קו'מט) מיט בֿבֿ
4, 8, 9. ,,מן איבֿר קומט אַלס מיט ענוה אונ,
גידולד,,, צוכט. ,,איינר וואשׂ גיט אין אַזו
אָרט וואשׂ דאָרטן איז סכּנות נפֿשות...איז איין
מצוה ווען ער □יבֿר קו'מט דשׂ ער זאָל
שיקן איין שליח צו זײַן פֿאטר אונ מוטר...
זיי זאָלן קיין צער האבֿן,,, ספֿר ח□ידים, תּק,,ז?

13. לד. קום איבֿער, ה אָ בֿ ~געקומט.
קומען אַ סך געלט, אַ צאָל חובֿות (צו
פֿאַרשיידענע קרעדיטאָרן). א, אַ מטמון מיט געלט
אין די בֿענק. א, אין אַלע קרעמלעך.

־עכ□ן — אַן א, מיט אַ דאַר שטיקל
בֿרויט. ־עניש — גאָט צו דאַנקען, נאָר
אַן א'.
איבֿערקונצעוועןְ — טרוו. ־צעווע איבֿער,
~געקונצעוועט. מאַכן כּלערליי קונצן. ווידער,
אַנדערש קונצעוען. מאַכן אַ גאַנצן צירק, א,
די שטיק.

איבערקוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערקוקן. אַן א, פֿון פֿילעם. אַן ערנסטער, אַ לויפֿיקער א'. „דער בײַנאַכטיקער א, פֿון זײַן פֿאַרמעג האָט אים ניט פֿאַרשאַפֿט קיין נחת„, סאָוו, היימלאַ ר, 2 .5 1965, No. איבערבליק. איבערשאַץ. „עס האָט זיו אָנגעהויבן דער קריטישער א, פֿון אַלע יסודות פֿון דעם מאַרקסיזם„, זשיט I , נ„י 1917. „נאָך דעם איז געגאַנגען אַן א, איבער די איינציקע לענדער“, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

איבערקוקן — טרוו. קוק איבער, ~געקוקט. 1. קוקן נאָכאַמאָל, ווידער, אויף אַ מער אָפּגעהיטן אופֿן. „קוק דיר דעם דין איבער, ווײַל בײַנאַכט וועט ער דיך פֿרעגן צו וויסן דעם אמת, אָדער דיך צו פּרוּוון„, סשי II. „קוקט איבער דעם גאַנצן קאַפּיטל, וועט איר זען אַז די תּשובֿה דאַרף זײַן נאָכדעם אַז מע וועט זײַן אין דעם לאַנד“, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. „מע דאַרף א, ,זרעים, נאָכאַמאָל...מע דאַרף זען וואָס טוט זיך דאָרטן מכּוח מעשׂר און בכּורים“, אַר, ,בײַם דאַוונען..

2. בודק זײַן. קאָנטראָלירן, רעווידירן, צי עס איז על־פּי דין אָדער לויטן געזעץ. א,

די ציצית. א, די קוואָרט פֿאַרן וואַשן זיך
צום עסן. א, צי עס האָט זיך ניט
פֿאַרוואַלגערט ערגעצוואו אַ ברעקל חמץ. „די
קאָמיסיע גייט הויז צו הויז איבערצוקוקן די
מזוזות,„ ממוס, 'וואָלין'. „זיי [די
פּאָליציייאַגענטן] האָבן גענומען א, זײַן סחורה“, ש.
בעקעדמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תרמ„ג.
אויך: א, דאָקומענטן, פּעסער, בילעטן.
3. דורכזען אויבנאויפֿיק, אויף גיך. א, די
קאָרעספּאָנדענץ. א, די צײַטונגען. א, אַ אַנצע
רשימה אין עטלעכע מינוט. א, די ראָלע.

איבערקושן

„ס'איז אָבער כדאַי ער זאָל לייענען...אַפֿילו
בלויז א',„ ב. י. מיכלי, איק, ר„ה תשכ„ו.
4. קאָרעגירן, פֿאַרריכטן. א, דעם כתבֿ־יו.
א, די היימאַרבעט פֿון די תּלמידים. „איר
זאָלט גוט א, די פּאַפּירן, אויסשטעלן
איטלעכע מעשׂה אַקוראַט,„ ממום, קליאַט סע. „איו
וואָלט דיך געבעטן א, מײַן ספֿר און זען
אַז דאָס לשון זאָל זײַן שיין און גוט ,
מוק, מײַנע באַגעגענישן.

5. באַקוקן אַ צאָל. א, די חולאָים, די רעקרוטן. א, הונדערטער בילדער. „ווי זײַנע לעמער קוקט דער פּאַסטעך איבער גוט, ער לאָזט שאָף זײַנע דורכגײין אונטערן רוט ", ממוס, שלמה. 6. דורכקוקן (כּדי אָפּצופֿרישן אין זכּרון). א, די ספּראַווע, דעם ענין. א, אַלטע קאָרעספּאָנדענץ.

7. איבערשאַצן. "א, אַלע גלייבונגען און מײנונגען וואָס אַ מענטש האָט וועט פֿאַר אַ סו ...אויסקוקן פֿרעמד און אוטאָפּיש„, זשיט III, נ"י 1912. „אפּשר מוז מען זין פֿון לעבן גאָר אינגאַנצן א'", סעג, 'אונדזער קלוגשאַפֿט...'. „אַפֿילו די פֿונדאַמענטן מוז מען א„ צי זיי פֿוילן נישט„, פּרץ, 'ר, שלמהס מעשׂהלעך'.

איבערקוקן זיך — קזוו. ← דפֿוו. 1. זיך פֿאַרשטענדיקן אָן ווערטער, בלויז מיט בליקן. „געוויס איז דאָ אַ גרויסער סוד דערבײַ. אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט„, ספּ, סודות. „מע רעדט ניט, נאָר מע קוקט זיך איבער. מע רעדט מיט די אויגן", י. א. קאַצאָוויטש, 60 יאַר לעבן. „קוקן איבער זיך צוויי וועגט... מזרח־וואַנט...אײַנגעטונקט אין יחוס — הערצל, משה מאָנטעפֿיאָרע", אשט, משליס 2 .I.

פֿאַרשווײַגן, אויסדריקן מיט די אויגן דאָס וואָס
מע וויל ניט (וואָס מע האָט מורא) אַרויסזאָגן
מיט ווערטער. „רפֿאל ענטפֿערט מיט אַ
קנייטשל, עפּעס אָן ווערטער, איבערקוקנדיק זיך
מיט חנצען“, ממוס, ווינטשפֿ. „וואָס קוקט
איר זיך איבער? בײַ אײַך קומט עס אויס
פֿריקרע, אַ ייִד זאָל אַזוי רעדן מיט אַ קײַ..
סער?“, ש□, פֿון כּתרילעווקע.
־עכץ. ־עניש — „האָט אַרויסגערופֿן
אַן אומהיימלעכע שטימונג, אַ שווײַגעניש אָדעו
אַן א'“, א. אַלמי פֿאַש, 1950 III □ו 18.
,
איבערקוקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס קוקט איבער. „מע מעג צו זיי
רעכענען אויך שופֿר־בלאָזער, מזוזות־א, מיט דעם
גאַנצן קאַפּיטל אַזעלכע לײַט, תּורה־ און
מצוותקבצנים„, ממוס, פֿישקע. ־ערײַ. ־יש —
אַדי.
איבערקורירן — טרוו. ־ריר איבער, ~(גע)
קורירט. איבערהיילן. א, די ניט־אויסגעהיילטע
קראַנקייט. א, דעם פּאַציענט. ־ונג.
איבערקורסירן — אוטוו. ־סיר איבער, ~(גע)־
קורסירט. פֿאָרן, קורסירן אַהין און אַהער.
קורסירן אַ צאָל מאָל. א, איבערן דניעפּער

עטלעכע יאָר.
איבערקושן — טרוו. קוש איבער, ~געקושט.
1. קושן נאָכאַמאָל, ווידער. א, די האַנט פֿון
שׂררה. 2. קושן אַ צאָל. א, אַלע
קינדערלעך. מיט ז י ך — קזוו. „חנה האָט זיו

איבערקיבעצן

שוין מיט אַלעמען איבערגעקושט“, דער
פֿאַבריקאַנט, ווילנע 1893. „דער גרויסער מחלך...
איז קאַדג געווען אויף איבערצוקדשן זיך מיט
אַלעמען“, סאָוו, היימלאַנד, 1 1962, No ־עב ן.
.
־עניש. ־ערײַ.
איבערקיבעצן — טרוו. ־עץ איבער, ~
געקיבעצט. 1. איבערשטײַגן אין קיבעצן. א,
דעם קיבעצער. 2. קיבעצן אַ צאָל. א, די
געסט מיט אַרײַנזאָגענישן. 3. נאָכמאַכן און
דערבײַ קיבעצן. א, דעם אומגעראָטענעם
קאָמיקער.
איבערקיטעווען — טרוו. ־טעווע איבער,
~געקיטעוועט. איבערשמירן, איבערקלעפּן מיט
קיט. א, די שויבן.
איבערקײַ — דער, ־ען. 1. אַקט פֿוו

איבערקײַען. כסדרדיקער א'. 2. דאַס וואָס ווערט איבערגעקײַט. אויסשפּײַען דעם א, פֿון טאַבעק. א,־אונג. א'־מאָגן — ערשטער מאָגן פֿון אַ בהמה וואָס איז מעלה־גירה.
איבערקייט — די, ־ן. אַרכ. דזוו איבעריקייט ←. שפּע(דיקייט), מותרות. „...אבר די פֿיל איברקייטן פֿאַר ווישׂט אונ לאָז עשׂ עשׂין דשׂ פֿעלד פֿיך„ א. פֿאַוויר איבז, בחינות עולס, זשאָלקעוו תּקס״ה.
איבערקייטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געקייטלט. 1. פֿאַרשליסן מיט אַ קייט(ל). א, די אַרײַנגאַנג־טיר. 2. נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש, אָדער אַ צאָל מאָל פֿאַרקייטלען. א, די טירן. א, די אַרעסטאַנטן. מיט ז י ך.
איבערקײַלן — טרוו. קײַל איבער, ~געקײַלט. איבערקוילען. איבערשטעכן. איבערהרגענען. א, די חזירים. אויך מיט ז י ך — קזוו. „די שיכּורים ווען זיך נאָך א'„ רייד.
איבערקײַען — טרוו. קײַ איבער, ~געקײַ(ע)ט. 1. קײַען דאָס זעלביקע נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, מעלה־גירהן (אין שײַכות מיט אַ בהמה). „נײַע שפּײַז פֿאַר זיך האָט זי דאָך מכּות — און בײַם א, קײַכט זי, לאָזט זי שטילע זיפֿצן„ ממוס, ספֿר הבהמות. „זיך צוגעלייגט און

איבערגעקײַט אין שלאָף די באַטעמטע מאכלים“,
חג, 'דער פּרוש', סמז, 1962 I בּ2.
2. אַ לענגערע צײַט קײַען (דאָס זעלביקע).
א, טאַבּעק אין מויל. א, די כראָמסקע, די
ביינער. 3. עפּעס עסן, אַ ביסל קײַען. א,
כאָטש אַ שטיקל ברויט און אָפּנאַרן דעם מאָגן.
*א, די ש ל י י פֿ ן = א) עפּעס נעמען אין
מויל אַרײַן. „דער טאָג איז שוין פֿאָריבער
און דו גייסט אַרום...מיט אַ ניכטעתעם מאָגן,
אַפֿילו די שלייפֿן ניט איבערגעקײַט“, פּ.
שטיינוואַקס, טמז, 29 1960;) באַוועגן דעם
קינביין (אָדער טאַקע קײַען) ווי אַ מיטל צו
קאָפּווייטיק.
4. איבערחזרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל
געוויסע ווערטער אָדער גאַנצע זאַצן. וויפֿל מאָל
דאַרף מען עס דיר א'? א, פֿאַר (מיט) די
תּלמידים די שווערע ווערטער. א, דעם
אַלףבּית. א, אַ שטיקל לערנען אַ מאָל צען. א,
אַ מעשׂה. „איבערחזרן און א,...נאָכאַמאָל דאָס
אייגענע ווידער צוריק“, שע, קליינע
מענטשעלעך. „דאַרף מען דען צום טויזנט ערשטן מאָל

א, אַז מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין
'רעליגיע, אין גויאישן זין, נאָר אַ
וועלטבאַנעם און לעבנס־נוסח“, מבא, וואָג, 1948 II ו
.11
5. נאָכריידן, נאָכזאָגן פֿרעמדע רייד. א, יענעמס
ווערטער. א, אַלטע געדאַנקען. „אַלע, מחילה,
אָן אונטערשייד האָבן איבערגעקײַעט זײַנע רייד„,
ממוס, יודל. „אָן זינען...א, שוין לאַנג־
פֿאַרקלונגענע רייד“, ימ, נײַס, 1923. 6.
איבעררײדן, איבערשמועסן. “עס איז אויך אַ חרפּה
קעגן דער שטאָטישער פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָט
קיין זאַך ניט אַזוי פֿיל איבערצוקײַען ווי
ייִדישע סאָבראַניעס„, קמ, 50 1866, No. „'דאָס
וואַרע, גוטע און שיינע, איז געוואָרן אַ פֿאָרמל,
וועלכער יעדער געבילדעטער האָט ניט
אויפֿגעהערט איבערצוקײַען ביז חלשות„, זשיט I,
נ„י 1912.
־עכ ן. ־עניש.
איבערקײַער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
1. בעל־חי וואָס איז מעלה־גירה. „עס רעדט
זיך דאָרט אַז דער האָז און דאָס קיניגל זײַנען
א', אָבער אַזוי איז ניט — זיי קײַען ניט
איבער„, פֿגעז, ווילנע 2 .10 1937, No. ווער

עס זאָגט נאָך אַ צווייטנס רייד, געדאַנקען,
מיינונגען אדגל. ,,וועגן דער 'פֿליכט פֿון
אַסימילאַציע, רעדט דער מאָדערנער א'...מיט אַזאַ
חשק,,, צײַט, טמז, 21 XI 1954. ־ערײַ. ־ייש
— אַדי. א'ע פּראָפּאַגאַנדע.

איבּ▯ט. פּפֿ: ~קדיקלעז. בּרענגען עפּעס
רקײַקלען — טרוו. ־קל איבּער, ~גע־.
קײַק
אין בּאַוועגונג דורך קײַקלען פֿון איין אָרט
אויף אַ צווייטן. א, די פֿולע פֿעסער (מיט
ווײַן, בּיר) צום קעלער. קללה: אַ דונער (אַ
כאָליערע) זאָל דיך א, (צען מאָל). מיט ז י ך
— ,,מיט צעשפּרייטע הענט, אינגאַנצן אין
פֿלאַמען, האָט ער זיך...איבּערגעקײַקלט און
געבּליבּן ליגן אָן אַ זײַט פֿון פֿײַער,,, אָפּאַ, '
לינטשערײַ'. אויך דזוו איבּערקוליען זיך. א, זיך
צום קעגנערישן לאַגער. א, זיך אויף רעכטס
(לינקס). ־עניש.

איבּערקילן — טרוו. קיל איבּער, ~געקילט.
1. דזוו אויסקילן ←. 2. אויסקילן איבּער
דער מאָס. א, דאָס עסן עס זאָל קיין טעם
ניט האָבּן. מיט ז י ך. ־ונג.

איבּערקימערן זיך — אוטוו. ־ער זיך
איבּיר, זיך ~געקימערט. קימערן זיך, זאָרגן

זיך אַ לענגערע צײַט אָדער וועגן אַ צאָל
(מענטשן, ענינים). א, זיך וועגן די אייניקלעך,
צי זיי וועלן בלײַבן ייִדן.
איבערקינד — דאָס, ־ער. אייבערקינד. קינד
וואָס צייכנט זיך אויס מיט ניט־געוויינלעכע
מעלות. "געבוירט מיר ס'א, וואָס איך באַגער„
צײַט, מטטרון.
איבערקינדלען — אוטוו. ־דל איבער, ~
געקינדלט. האָבן אַ גרעסערע צאָל קינדער.
קינדלען אַפּט. „ניט אומזיסט קרענקט זי אונטער,
וויפֿל זי האָט שוין איבערגעקינדלט אין די
צען יאָר נאָך דער חתונה„ רייד.
איבערקיניגן — אוטוו. ־ניג איבעו, ~
געקיניגט. קיניגן אַ לענגערע צײַט, איבער אַ
צאָל מדינות. א, איבער אַלע מדינות, פֿון הודו

איבערקלאַסנביז כוש. א, איבערן פֿאַראיין אַ יאָר צען.
א, איבערן באַל מיט חן און גראַציע.
איבערקינצלען — טרוו. ־צל איבער, ~
געקינצלט. 1. אַנדערש אויסקינצלען (←). א,
און איבערשניצן אַ סטאַטועטקע. 2.
איבערשטײַגן אין עפּעס וואָס איז אַ קונץ. א, אַפֿילו

אַ קונצנמאַכער.

איבערקירעווען — ← איבערקערעווען.

איבערקירצן — טרוו. קירץ איבער, ~ געקירצט. 1. קירצן צו פֿיל, מער ווי נייטיק. א, אַ קליידל מע זאָל עס ניט קענען טראָגן. א אַ נאָטיץ, מע זאָל זי ניט קענען פֿאַר, שטיין. 2. קירצן אַנדערש. אַרויסלאָזן די פֿאַלדן און א, די הײַזעלעך.

איבערקלאָגן — קלאָג איבער, ~געקלאָגט. אומטוו — קלאָגן, יאָמערן, באַוויינען (אַ צרה, אַן אומגליק, מחמת לײַדן א) נאָכאַמאָל, אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט. א, אויפֿן אומגליק דאָס גאַנצע לעבן. טרוו — אַפּעלירן, קלאָגן אין אַ העכער געריכט. פֿאַרלירן דעם פּראָצעס און א, אין אַ העכערער אינסטאַנץ. „מע האָט באַדאַרפֿט געלט...צו צאָלן אַדוואָקאַטן וואָס האָבן געדאַרפֿט א, דעם פּסק־דין פֿון די געריכטן„, ימ איבז, שד II . מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבערקלאַנג — דער, ־ען. 1. גראַמ. איבערגאַנג פֿון איין וואָקאַל (דיפֿטאָנ) אין אַ צווייטן על־פּי אַ פֿעסט־אײַנגעשטעלטן נוסח

[אַ & אָ אין ע; ו אין י, וי אין ייִ ▯ ײַ.
דעם א, באַגעגענען מיר בײַ מצ מיט ־ער
אָדער אָן אַן ענדונג, בײַ פּקפֿ, בײַ
פֿאַרגלײַכגראַדן אוו אין אַ צאָל פֿאַלן פֿון וואָרטשאַפֿונג ▯ I
האַרץ — הערצער. שוך — שיך. פֿויגל —
פֿייגעלע. בויך — בײַכל. לאַנג — לענגער.
טראָגן — טרעגער. טרוקן — טריקעניש.
„אַחוץ דעם א, זײַנען אין ייִדיש געבליבן
אַ ריי פֿאָרמען מיט אַ באַזונדערן וואָקאַלישן
אומבײַט...טרעטן — טריט — טראָט אאַזוו“,
זר, גראַמאַטיק פֿון דער ייִד, שפּראַך, 1920.
„עס איז אונדז געראָטן צו געפֿינען נאָר פֿי▯ף
סובסטאַנטיוון, וואָס געהערן מחוץ ליטע צום
ווײַבלעכן מין און פֿורעמען די מערצאָל מיט
א, אויף ־ער (פֿאָן, פֿלאַש, צונג, רו▯ן, שטוב)“,
א. ווײַנרײַך, ייִשפּ, XX, 3.
2. צווישנאַנאַנדיק איבערקלינגען זיך,
האַרמאָנישקייט פֿון קלאַנגען (בײַם אויספֿורעמען
אַ פֿראַזע, אַ זאַץ). „דער איבערזעצער איז
פֿאַרשטייט זיך ניט געווען בכּוח נאָכצושפּילן
און איבערגעבן די אָפּטע קאָנסאָנאַנטישע א'ען...
פֿון די ענגלישע שורות„, אַדאַ פֿאָגל, ייִ▯פּ
XII, 1. 3 צו הויכער קלאַנג. גערויש. אָן

א, פֿון די שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן. ־יק
— אַדי.
איבערקלאַסיפֿיצירן — טרוו. ־ציר איבער,
~קלאַסיפֿיצירט. איבעראָרגאַניזירן,
איבערשטעלן לויט אַן אַנדער קלאַסיפֿיקאַציע. א,
אינזעקטן, גראָזן, ווערטער. א, די אַרבעטער.
־ונג.
איבערקלאַסך — ערשטע העלפֿט פֿוו אַ
צונויפֿהעפֿט. וואָס איז העכער אָדער מחוץ

איבערקלאַפּ

קלאַסן (אין אַ געזעלשאַפֿט). ￼לאַ￼ט.
א'־שט
א,־אײַנשטעל. אויך אַדי איבער
אָאנדפֿונ

דוע(ר), סאָוו.
איבערקלאַפּ — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערקלאַפּן. אַן א, אויפֿן פּויק, אויף דער פּיאַנאָ.
אַן א, פֿון באַלעם איבערן טויער.
איבערקלאַפּן — טרוו. קלאַפּ איבער, ~
געקלאַפּט. 1. נאָכאַמאַל, ווידער אָדער אַנדערש
קלאַפּן, אָנקלאַפּן, צוקלאַפּן, איבערהאַקן. א,
די בילדער, די שילדן. א, עפּעס אויף צווייען.

*א, די (אַ) האַנט — ווי אַ סימן פֿון אָפּמאַך
אָדער ווי אַ סגולה. למשל: א) ווען צוויי
וועטן זיך, קלאַפּט אַ דריטער איבער די האַנט;
ב) בײַם שפּילן קאָרטן, ווען עס גייט ניט
— איבעררײַסן צו בײַטן דאָס מזל. 2.
קלאַפּן איבער עפּעס. אַריבערקלאַפּן. א, די פּילקע
איבער דער נעץ.
3. דורכקלאַפּן, איבערמישן. א, אַ פּאָר אייער
און אַרײַנגיסן אין מעל. א, גרעט מיט אַ
פּראַלניק. 4. שטאַרק אָנקלאַפּן, שלאָגן. א,
די ביינער. א, פּוטער. 5. אַ ביסל
דורכקלאַפּן. א, די שטרויזעק, דעם טעפּעך. 6.
דורכהאַקן. א, לעכלעך אין קאַמאַשן, אין בלעך.
7. איבערדרעשן, איבערמלויצען. „מיליאָנען
פּויערים קלאַפּן איבער מיט די שטעקנס די
פֿונאַנדערגעלייגטע סנאָפּעס„, ע. איזראַ פֿון
—
,
פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928. 8.
איבערשרײַבן אויף אַ שרײַבמאַשין. „בלויז
איבערצוקלאַפּן אויף דער שרײַבמאַשין„, דלוזשנאָווסקי,
פֿאָך, 26 XII 1964.
9. אַ קלאַפּ טאָן מיט דער זײַט פֿון האַנט
איבער אַ ציצה בײַם געבן אַ שבֿועה (
פֿירונג פֿון חדר־ייִנגלעך). איבערשלאָגן מיט אַ

ציצה. „איך האָב גענומען אַ סידורל און אַרויסגעשלעפּט אַ ציצה, און דאָס אַנדערע ייִנגל האָט זי איבערגעקלאַפּט. מיר האָבן געשוואוירן אַז מיר זאָלן זײַן שטענדיק חבֿר, אַז מיר זאָלן קענען זיך אָפּרעכענען מיט דעם רבֿין און מיט זײַנע באַהעלפֿערס“, זאבֿ הלוי, דער רבי קלמן סענדערס, באַרדיטשעוו 1906.

מיט ז י ך — קזוו. שלאָגן זיך. ← ב9. א, זיך מיט אַ ציצה. „ער האָט שוין אויפֿגעהערט איבערצוקלאַפּן זיך מיט זײַנע שכנים [פֿון די קאַמערן אין תּפֿיסה]“...בונד, אַ הספּד אויף אַלכּסנדר דעם צווייט□ס קבֿר, לאָנדאָן 1902.

־ונג. ־עכץ. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבערקלאַפּער — דער, ־ס. אויך: מכשיר אויף איבערצוקלאַפּן. געפֿלאָכטענער א, פֿון בעטגעוואַנט. מעטאַלענער א, פֿון אייער.

איבערקלאָרן — טרוו. קלאָר איבער, ~ געקלאָרט. נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש (אויס) קלאָרן אַ פּליסיקייט. ← אויסקלאָרן, ב2. א, ווײַן, מעד.

איבערקלוג — אַדי. קליגער ווי דער דו□ כשניט, צו קלוג (אויך איר). „איך בין אַ פּראָסט מיידל, ניט געבילדעט, ניט א'„, פֿרייד

איבז, דער קויפֿמאַנן פֿון ווענעדיג, וואַרשע 1903.
,,...דעם נאַאיוו־נאַריש־א'ן פּרנסה וכנדיקן

1()()2אי

בערזידלער פֿון דער קליינער אין דער
גרעסערעך שטאָט אַדײַן", פּרץ, 'וואָס פֿעלט
אונדזער ליטעראַטור?'.
איבערקלויבן — [אַרויסרייד אויך: ~קלאַבן]
טרוו. קלויב איבער, ~געקליבן. פּד, אוקר.
← איבערקלײַבן. ,,דער טויט קלויב נישט
איבער", שוו. ,,ער קלאַבט גאָרניט איבער סײַ
די זאַך וועט אים יוי שאָדן טאָן...סײַ ניט",
חה, שצה. "איר זענט שוין הײַנט ב"ה אַ
דריטער [שדכן] געקומען, נאָר מײַן שלמה קלויבט
אַלץ איבער", ש. וואָלצענאָק, דער באַקאַנטער
~קלויב :: ו לו זוי אויך: ~ק
ע 1882.

קלוידאָקטאָר, וואַרש לויב.
. ~ק בעניש. ~
בער — ,,ניט זײַן אין דעם האַנדל שוין
אַזאַ א, ווי אַמאָל,,, ממוס, ווינטשפּ. ~

קלויבערײַ.

איבערקליגלען — טרוו. ־גל איבער, ~
געקליגלט. דזוו איבערקליגן, נאָר מיט אַ
שפּיצל, אַ המצאה. א, עמעצן אין האַנדל. א,
און איבערכיטרעווען. „ווער פֿון אונדז ביידן
איז גענוג שטאַרק איבערצוקליגלען דעם גורל ,
טמז, 27 1965 III פֿרײַנד פֿון אַמאָל האָט
„ .
איר איבערגעקליגלט„, הל, בלאַט א יף אָן
עפּלבויס. מיט ז י ך — „ווי לויפֿט מען אָבער
איצט פֿון די קאָשמאַרן?...ניט א, זיך און ניט
גענאַרן„, סעג, איצטער. ־עניש.

איבערקליגן — טרוו. קליג איבער, ~
געקליגט. 1. איבערשטײַגן מיט (אין) חכמה,
קלוגשאַפֿט. „...עשׂ זײַא מיט אַנדרי המצאָות
— דאָס ער אים איבר קלי'גט [אַרכ]“, לט1,
מ/א. „די כּוחות וואָס פֿירן מיט דער וועלט
האָבן מיך איבערגעקליגט„, באַש, פֿאָר,
29 l963 III. „אידעאָלאָגיעס, געבויט ניט אויף
איבערצוקליגן דאָס לעבן“, ש. ביקל, טאָג,
3 1964 X. „בעת קלוגע האָבן זיך געקליגט,
האָט [ער] זיך געמאַכט פֿאַר אַ שאינו־
יודעלשאול און זיי איבערגעקליגט„, יג, תּוד I.

2. גענאַרן, אָפּנאַרן מיט פֿאַלשע רייד אָדער מעשׂים. איבערכיטרעוועז. „ווײַל דיך איין ווײַבזבילד איבר קלוגט [אַרכ] אונ, איבר לישׂטיגט האָט“, יוסיפֿון, אַמשט 1661, נח/ב. „איינער באַדינגט זיך אַ...קראָם...קומט אַן אַנדערער און דינגט אים אויס, האָט...יענעם איבערגעקליגט„, מ, ב, ר, ך [מ. כּץ], דער קאראַבעלניק'ל, ווילנע 1900. 3. בײַקומען, גובֿר זײַן מיט מאַכינאַציעס, תּחבולות פֿאַלשקייט. „אין האַרצן

,

וויל ער אים נאַרן מיט שאַרפֿן פּלפּול און קונציקע טענות, ער וויל אים איבעררעדן, א„ מאַכנדיק אַ פֿרומע מינע“, ומוס 'צוריק אַהיים'. „מע קען אַ פֿאָלק נישט נעמען...און עס סתּם אויסראָטן. פֿריִער מוז מען עס א, (הבֿה נתחכּמה)“, מ. שטריגלער, יק, פּסח תּשי„ט.

מיט ז י ך — „ע קען זיך ניט א, איבערן וועטער, רייד. „די חבֿרה רעאַקציאָנערן האָבן זיך אַליין איבערגעקליגט, איבערגעכיטרעוועט“, פֿאָר, 1965 I י 17.

—ונג — „סטראַטעגישע א, איבער אַנטיוכוסן, ד. איידלסבערג [טה 7 I., 1964 XI].

־עכץ. ־עניש — ״דורך כלערליי א'ן מצדיק
געווע□ די אידעאַליסטישע אַליין־גענאַרעניש,,, א.

איבערקלייַבז

ליפּינער, איק, פּסח תשכ״ד. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איבערקלייַב — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערקלייַבן. גערעָטענער א'. רעזולטאַט פֿון
איבערקלייַבן, אויך: ־ו□ג.
איבערקלייַביק — אַדי. נעאָל. וואָס מע
קען (דאַרף) איבערקלייַבן. א'ע פּאָזיציעס.
פֿאַראַן גענוג א'ע ווערטער ־יקייט.

.

איבערקלייַב — טרוו □. קלייַבן נאָכאַמאָל,
ן .
לייַב איבער, ~
געקליבן. פּפֿ: ~קל
ויבן.
פֿונדאָסנײַ. איבערוויילן. קלייַבן שלעכט און
מוזן א'. א, די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג פֿון
פֿאַראיין. א, דעם זעלבּיקן פֿאָרשטייער אויף נאָך
אַ טערמין. 2. אויססאָרטירן. אויסטיילן,

אויסזוכן. א, דאָס ניט־גוטע. א, פּסולת פֿון דעם וואָס איז גוט. א, די ווערעמדיקע אַרבעס, די מילביקע פֿלוימען אע. א, קרעלן פֿאַרן אַרויפּציִען אויף שנירלעך. א, צווישן צענדליקער אַפּליקאַנטן. „די צוויי מיידלעך...זײַנען געזעסן מיט פֿאַרשוואַרצטע הענט און איבערגעקליבן אויפּ□“, ש. בעדלינסקי, אַ ל□נבן גייט אויף, וואַרשע 1937. „די ווייץ [אויף שמורה־מצות] פֿלעגט מען צוערשט דרײַ מאָל א, און ערשט נאָכדעם מאָלן“, לדב, נ״י תשי״ז.

3. אַרויסווײַזן אַ באַזונדערן געשמאַק אָדער נייגונג בנוגע עסנוואַרג (געוויינלעך מיט נ י ט). א, בײַם עסן ווי אַ צעבאַלעוועטער בן־יחיד. „אַן אָרעמאַנס קישקע קלײַבט גאָרניט איבער“, שוו. „האָבן...געזוכט, געניששטערט וואו ס.איז עפּעס עסנוואַרג, גאָרניט איבערצוקלײַבן“, ממוס, 'וואָלין'. „מײַן טאָכטער...קלײַבט ניט איבער ...געבראָטנס איז געבראָטנס...אַבי אַפּעטיט איז דאָ“, ב. שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.

4□ אַרויסווײַזן זוכערישקייט, ספּעציעלע נייגונג אָדער ווילן. א, (צווישן) די אָנבאָטן אויף ארבעט פֿאַר אים איז רעכט, ווי אַ טאָג אַר— . „

בּעטער, איטלעכס מין אַרבּעט וואָס קומט אים צו דער האַנט נישט א',,, ממום, שלסה. (ניט) א, מיט וואָס צו האַנדלען.

5. אײַנזען דעם גײַסטיקן, עסטעטישן אָדער מאָראַלישן ווערט. א, בּילדער און בּאַשטימען וואָס אויסצושטעלן. א, לידער פֿאַר אַן אַנטאָלאָגיע. א, אַפֿאָריזמען. א, (צווישן) פֿאַרשיידענע שיטות. ,,דער מאמר האָט איבּערגעקליבּן די מחשבֿות און דיבּורים, ווי זאַלץ קלײַבּט איבּער און ציט אַרויס דעם דם פֿון דעם בּשׂר הנמלח", פּוקח עורי, נ,,י ת,,ש.

6. אַ לענגערע צײַט קלײַבּן. קלײַבּן מער וי מע דאַרף. א, אַלע בּחורים אין שטעטל און בּלײַבּן אַן אַלטע מויד. א, צירונג און קיין זאַך ניט קויפֿן. א, שמאַטעס אַ לעבּןלאַנג.

7 איבּערלייגן עפּעס פֿון איין האַנט (פֿינגע) אויף אַ צווייטער. ,,האָט...שטיל איבּערגעקליבּן אין זײַנע לאַנגע דאַרע פֿינגער די פֿרענדז פֿון זײַן בּרייטן זײַדענעם גאַרטל", מ. ריבֿקין, וועליזשער בּלוט־בּלבּול, ווילנע 1914. ,,אַמאָל לאָזט ער זי קריכן מיט זייערע הענטלעך אין זײַן שיטער בּערדל, א, די איינציקע

האָר,,, מ. י. שעליובסקי, צוק, יאַנ'□פֿעב, 1958.

אַיבערקלײַבן זיך

איבערקלײַבן זיך — □ דפֿוו. 1. בײַטן

די דירה, וואוינאָרט, לאַנד, □בכלל משנה מקום זײַן. זיך א, אין דער נײַ־אויסגעבויטער נחלה. מע בעט אויף קידוש, ווען מע קלײַבט זיך איבער אין אַ נײַער דירה. ,,מיר דאַרפֿן רעדן אָפֿן מיט דער טערקישער מלוכה, אַז זי זאָל אונדז דערלויבן זיך א, קיין ארץ־ישׂראל מאַסנווײַז", א. ל. זײַדמאַן, וואָס דאַרפֿן מיר, באַרדיטשעוו 1898. אויך בײַטן אָרט פֿון לערנען. ,,האָט אים אַלט־קאַבצאַנסק ליב געקריגן, זינט ער האָט זיך איבערגעקליבן פֿונעם נײַעם ביתמדרש...אין דעם אַלטן", ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'. פֿיג. ,,דער נידעריקער גרויער הימל האָט זיך אויף שטיקער צעריסן און האָט זיך אין אײַלעניש ערגעץ איבערגעקליבן,,, האָפֿ פֿון קי□ווער־יאָרן. *א, זיו אויף

יענער,

וועלט = שטאַרבן. ,,אַפֿילו א, זיך אויף יענער־וועלט גייט הײַנט אויך זייער שנעל צו, אַז עס איז גאָר אַ פֿאַרגעניגן,,, מ, ב, ר, ד

[מ. כ״ץ] דער קאַראַבעלניק'ל, ווילנע 1900.
2. זיך אַריבערקריגן. א, זיך איבערן וואַסער, איבער אַ גרענעץ.
־עכן. ־עניש.
איבערקלײַבעוודיק — אַדי. וואָס מע קען איבערקלײַבן. א'ע פּירות, קרעלן אאַזוו. פֿרגל: ~קלײַביק. ־יקייט.
איבערקלײַבער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט איבערקלײַבן, מיט סאָרטירן ווי מיט אַ פּראָפֿעסיע. א'ס פֿון פּערל. אַן א'קע פֿון קרעלן. 2. ווער עס קלײַבט זײַנע ווערטער (בײַם רעדן אָדער שרײַבן). פּוריסט. „זיי זײַנען די אויסגעצירטע ווערטער, די וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען דעם זײַער פֿון נאָרמאַליזירט און נאָרמירט

ווערן, די זיפּ פֿון דעם א'״, ימ, ייִשפּ XIII, 4.
3. ווער עס נעמט ניט אָן קיין גיכן באַשלוס, ווער עס האָט ליב אַ ישובֿ־הדעת. „לייבצע אָבער האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק געהיצט, ער איז געווען אין שידוכים אַ גרויסער א'״, ממוס, ווינטשפּ. 4 פֿײַנשמעקער. מפֿונק. אַן
.

א▯קע בלײַבט אַן אַלטע מויד. „איך פֿאַרשטיי,
זאָג איך, ביסט נישט קיין א',„ ש▯, טבֿיה.
„זיי זײַנען אויך ניט קיין גוואַלדיקע א'ס
און מפֿונקים, ווען...[מע] הייסט זיי שלינגען
זשאַבעס„, מ. מראַסשני▯ פֿאַש, 27 1956 I.
־ערײַ.
איבערקלײַבעריש — אַדי. וואַס האָט אַ
שײַכות צו, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן
איבערקלײַבער. „קריטיקער זײַנען קר▯ניש, א',
מפֿונקים„, ז. זאַלאָוויץ, פֿאָר, 12 2▯19 X.
▯'אַזעלכע שריפֿטשטעלערס האָבן געווײנלעך
געשריבן צו פֿיל און נישט א',„ יג, תּוך I.
„די זייער ניט־א'ע אַגענטן פֿאַרשפּרייטן...
אויס...
▯געטראַכטע ליגנס וועגן דער ייִד ▯ער געפֿאַר“,
־ק▯יט — „זי האָט
י
נרינ, איד און ▯ וועלט.
נישט געקאָנט קריגן קיין מאַן נאָר אויס א',„
באַש, איק, ר„ה תשי„ח.
איבעדקליידן — טרוו. קלייד איבער, ~
געקליידט. ▯ איבערבײַטן מלבושים; איבערטאָן

עמעצן אין אַנדערע בגדים. „אָט די ייִדן האַבן
מיך גע אַפּט, איבערגעקליידט אין מאַנסבילשע

1()()3

קליידער און ווילן מיך אַצינד אָפּגעבן פֿאַר
אַ סאָלדאַט", י. ל. בי שטאָק, בײַא ר, שלמה
בערלינער, לוואָוו 1896. 2. באַזאָרגן מיט
נײַע מלבושים. א, דאָס קליינוואַרג לכּבֿוד
יוסטובֿ. 3. איבערפֿרישן, באַנײַען מיטן
אויסזען אָדער באַטײַט. „דאַן מוז מען א, די
ווערטער שוין אין גרינגן; די וועלט ווערט פֿול
מיט פֿריידן, און פֿרײַע ווערטער זינגען",
אַר, 'דאָס שווײַגן. יט ז י ך — 1. בײַטן
די מלבושים, זיך איבערטאָן. „בין איך
פֿאַרפֿאָרן אונטער דער שטאָט אין אַן אומבאַקאַנט
הויז...און איך האָב זיך דאָרטן איבערגעקליידט",
ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תרמ"ג.
„פֿינף מאָל איבערקליידט [נר] זיך דער
כּהןגדול אין יום־כּיפּור די הייליקע קליידער, דרײַ

מאָל די גאָלדענע און צוויי מאָל די ווײַסע“,
סשי I. „האָבן זיך צוזאַמענגענומען פּוֹפּצן
עלטסטע און זיך איבערגעקליידט ווי פּראָסטע
זעלנער“, שבֿחי הרבֿ ר, שניאור זלמן, וואַרשע
.1913

2. ספּעצ בײַטן די טראַדיציאָנעלע ייִדישע
מלבושים אויף די אַלגעמיין־אייראָפּעאישע. זיך
א, און ווערן אַ פּאָלנער גוי. „זײַט כ'האָב
מיך איבערגעקליידט, האָט זי אויף מיר אַן
אומחן געוואָרפֿן„„ פּרץ, אַמאָל איז געווען אַ

,

מלך'.

־ונג — „זיך אַרויסהעלפֿן מיט
פֿרעמדווערטער וואָס ווערן געניצט...אָן אַ ייִדישער א',,,
נאַד, טינט און פֿעדער. ־עכץ. ־עניש.

איבערקלייסטערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געקלייסטערט. איבערקלעפּן, איבערקלייען מיט
קלייסטער. א, די אָביצעס.

איבערקלייען — טרוו. קלײַ איבער, ~
געקליי(ע)ט. איבערקלעפּן מיט קלײַ. א, די
זוילן, די ברעטלעך אאַזוו.

איבערקלינגען — אוטוו. קלינג איבער, ~
געקלונגען. 1. קלינגען ווידער, נאָכאַמאָל,
אויפֿסנײַ. דער עכאָ קלינגט איבער עטלעכע מאָל.

א', דער עולם זאָל אַרײַן אין זאַל. „טרוימען
רופֿט מען ניט צוריק...און פֿאַרהילכט אַ טאָן
— קען ער ניט א'„, פּרץ, לידער און
פֿאָ עמען. 2. קלינגען צו פֿיל, מער ווי
געוויינלעך. דער (וואַנט)זייגער האָט איבערגעקלונגען.
3. קלינגען אויף אַ ברייטן שטח. אויך פֿיג:
זײַן באַרימט. „און דער נאָמען ,באָנציע שווײַג,
וואָלט נאָכאַמאָל אַיבערגעקלונגען אין אונדזער
לופֿט“, פּרץ, 'באָנציע שווײַג

4. טרוו. אויסרעגולירן דאָס קלינגען. מאַכן
קלינגען. א, דעם אַלטן שטייזייגער. „אַ וואָרט,
אַ שורה אויסצוטאַפּן, איבערצוקלינגען אויף
ביידע זײַטן„, נאַד, טינט און פּע.I־ער.
מיט זיך אויך קזוו — „אין ערשטן
פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן האָבן זיך
איבערגעקלונגען אידיליע מיט בונטאַרישער נויט“, ש.
בעליס־לעגיס, אַרײַנפֿיר„ כוואָלעס, אַלבאָם,
,
וואַרשע 1962. ־עכץ ־עניש.
.
איבערקללה(ווע)ן — [...קלאָלע..] אוטוו &
טרוו. קללה(ווע) איבער, ~געקללה(ווע)ט.

איבערשעלטן. אויסגיסן אויף עמעצן אָדער אויף אַ צאָל אַ סך קללות. א, די גאַנצע משפּחלערע.

איבערקלער

א, אויפֿן שלימזל אַלע שעלטענישן פֿון פּישמאַרק.

איבערקלעבן — ← איבערקלעפּן.

איבערקלעגערן — אומוו & טרוו. ־ער איבער, ~געקלעגערט. אַ לענגערע צײַט קלאָגן, וויינען (מיט אַ באַצויאונג פֿון ביטול צו דעם וואָס קלאָגט). א, (אויף) דעם קליינעם אָנווער.

איבערקלעזמערן — ־ער איבער, ~ געקלעזמערט. טרוו — איבערשפּילן אויף אַן אופֿן ווי קלעזמער. א, דעם זעלביקן טאַנץ. אוטוו — זיך פֿאַרנעמען מיט קלעזמערײַ אַ לענגערע צײַט, אין אַ צאָל ערטער. א, אין גאַנצן געגנט.

איבערקלעטערן — אוטוו & טרוו. ־ער איבער, ~געקלעטערט. אַרויפֿקלעטערן אויף אַ הויך אָרט און אַריבערקלעטערן אויף דער אַנדערער זײַט. א, (איבער) אַ באַרג, א, (איבער) אַ פּאַרק(אַ)ן. „די מויערן וואָס רינגלען אַרום דאָס געפֿענגעניש זײַנען זייער הויך און אוממעגלעך איבערצוקלעטערן“, דער

מענשענפֿרײַנד, נ,,י (25 1889 — 891), No. ־ניש.
איבערקלעמען — טרוו. קלעם איבער, ~
געקלעמט. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש, פֿעסטער
אַרײַננעמען אין אַ קלעם און צונויפֿדריקן פֿון
ביידע זײַטן. א, די שטיקער אײַזן, דאָס האָלץ.
א, עס זאָל זיך פֿעסטער האַלטן. 2. צו
שטאַרק צונויפֿקלעמען. *א, דאָס האַרץ =
אָפּשוואַכן דאָס האַרץ מיטן ניט עסן צו דער
צײַט. ,,עס מעג זיך איר ווי וועלן עסן, לאָזט
זי א, דאָס האַרץ און זי וואַרט נאָר אויפֿן
מאַן,,, ש. בעקערמאַן, די יודישע קאָזאַקין,
אַדעס 1886. מיט ז י ך ־. זיך שטאַרק
זאָרגן, האָבן האַרצווייטיק. א, זיך איבערן ניט
קריגן קיין ידיעה פֿון זון אויפֿן פֿראָנט.
־עניש.
איבערקלעפּן — טרוו. קלעפּ איבער, ~
געקלעפּט. נאָכאַמאָל, אַנדערש קלעפּן,
אויסקלעפּן. איבערמאָדעלירן. א, דאָס וואַנטפּאַפּי א,
דעם מאָדעל פֿאַר אַ מאָנומענט. ־עכץ.
־עניש.
איבערקלעקן — אוטוו, דריטפּערזאַניק. דזוו
(אויס)קלעקן, זײַן איבערגענוג פֿאַר עפּעס.
“דאָס ברויט וועט מיר א, אויף הײַנט און

אויף מאָרגן“, רייד.

איבערקלעקן — טרוו. קלעק איבער, ~ געקלעקט. נאָכאַמאָל (אויס)קלעקן ←.

איבערקלער — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערקלערן. אַ צו לאַנגער א'. תּי פֿאַרטײַטשט 'בפֿלגות ראובֿן גדולים חקרי־לבֿ, (שופֿטים, ה, 16): „בײַ די טיילן פֿון ראובֿן איז דער א, געווען גרויס“. 2. איבערטראַכטונג, יישובֿהדעת. ספֿק, שש. זאָגן, ענטפֿערן אָן שום א.. „אויב דאָס קינד איז קראַנק אָדער עס איז פֿאַראַן חלילה אַן א־ צי סתּם אַ חשש, מוז מען פֿאַרן בּרית זיו מיישבֿ זײַן מיטן דאָקטער„, אָזע, בערלין. „אין פֿלוג וואָס דאַרפסטו מער? האָב אַן איבערלייג, אַן א, אָבער ניין...„, משש מפּאַניוו נזש, דער רחמנות, וו לנע 1882 פֿאַנאַטיזם אָן אָ שרעטעלע געדאַנק,

„.

אָן אַ ניצוצל פֿון ספֿק, אָן א„ אָן אַ פֿעדעמל מוח“, ימ, קוד, 1939.

איבערקלעריק

איבערקלעריק — אַדי. נעאַל, סטוטש. וואָס קלערט איבער. רעפֿלעקטיוו, מעדיטאַטיוו. אַן

א'ער עצה־געבער.
איבערקלערן — מרוו. קלער איבער, ~
געקלערט. 1. גאָכאַמאָל, אויפֿסנײַ (באַ)קלערן,
איבערטראַכטן. האָבן ווידער אַ ישובֿ־הדעת. א,
דעם גאַנצן ענין. א, צי ס'איז דאָ יושר אויף
דער וועלט. קלערן, א, און גאָרניט אויסקלערן.
"די בעסטע אָנשלעק [= פּלענער, מחשבֿו◻ I
ווערן צו נישט אַז מע קלערט זיי נישט
פֿריִער איבער", מס, משלי תּקע"ד, טו, 22.
"איטלעכער מענטש קער נזהר זײַן...ער זאָל
ניט חוטא זײַן און תּמיד א, א י ן זײַנע
מעשׂים", נצ2, כ◻/ג. "לאָמיר זשע מיט פֿלײַס
איצט א, וואָס מיט אונדזער אַרבעט קען אַלץ
גיין פֿיר", עט, לידער. "אָט לאָמיר אָמיסטנע
א, וואָס דא וועט צונד געבוירן ווערן", הירש
רײַטמאַן, דער קיטטעל, ווין 1863. "נאָכן
ערנסטן און פֿולן א, וועט די לאַגע ווערן
קלאָרעך", נוטנ.
2. אוטוו. איבערטראַכטן מיט אַ געפֿיל פֿון
זאָרג, אומרו. א, וועגן עמעצנס געזונט. א,
פֿאַרוואָס מע הערט ניט פֿון זון. "ווערליג
כּתרילעווקער ייִדן שעלטן...מיט טויטע קללות,
קאָנט איר אפֿשר א, אַז מע מיינט דאָס חלילה
ערנסט", שע, קליינע מענטשעלעד. 3. האָבן

ספּקות, אַרויסוויַזן אומזיכערקייט, טראַכטן
אָן בטחון. האַלטן אין איין א', צי עס איז
ריכטיק אַזוי צי ניט. „הונגער ברעכט
שלעסער, (ער קלערט ניט איבער)„, שוו. „אָבער
אַז דו ווילסט זיַן אַ חכם, א', שטעלן
קלאָץקשיות, טאָ נעם און לייג זיך אַוועק און
שטאַרבֿ„, ממוס, שטורעמציַט. 4. מאַכן אי□ ..
גאַנצן קלאָר. א, פּאַר זיך די קאָמפּליצירטע
טעאָריע. „קיין שום מענטש אין דער וועלט
קען ניס א, זיך אַליין“, פּרץ, 'משוגענער
בטלן,.
5. דזוו איבערקלאָרן (←.). א, וויַן.
איבערקלערן זיך — ← דפּוו. 1. זיך
איבערטראַכטן, באַקלערן פּאַרטיפּט, מיט פּולן
ערנסט. זיך א, און געבן די הסכּמה. „ווי
מע מאַכט נאָר אויף די אויגן נאָך דעם שלאָף
מוז מען זיך [=פּאַר זין] א, דעם גרויסן
חסד וואָס דער אייבערשטער האָט געטאָן מיט
דעם וואָס ער האָט צוריקגעגעבן די נשמה“,
חא, ד/ב. „...קלער דיר גוט איבער אויב דו
גייסט אין גוטן וועג„, חה. 2. זיך באַראָטן,
האַלטן אַן עצה מיט זיך אַליין. „דער גזלן
בלייַבט דאָ גאָר אָן קאָפּ שטיין און הייבט
זיך אָן איבערצוקלערן: וואָס טו איך?“,

טעיאַטאָר. „דער מענטש טוט אַן עבֿירה...לאָז ער זיך דערנאָך א', גייט אים אַליין אָן אַ חלשות דערפֿאַר„, דרך עולט, וואַרשע 1861. ־ונג — „בײַ דער ערשטער א'...שטייט קלאָר פֿאַר די אויגן [דע] עומק רע פֿון...מענטש„, לדבֿ, נ״י תּשי„ז, צה. ־עכץ. ־עניש — „צו פֿיל ספֿקות זײַנען פֿאַרבליבֿן, צו פֿיל א'ן אָן אַ לעצטגילסיקן דערקלערן זיך„, ימ, קוד, 1938. ־ער (־ין). ־ערײַ.

איבֿערקלערעווּדיק

— אַדי. וואָ

2. וואָס

ס מע קען

איבֿערקלערן, בֿ5. א'ע פֿליסיקייט.

1()()4

מע קען אָדער איז נייטיק איבֿערצוטראַכטן. ניט קיין אײַליקער, אַן א'ער ענין. ־יקייט.

איבֿערקלערעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע איבֿערצוקלערן, איבֿערצוטראַכטן, זיך מיישבֿ זײַן (מיט זיך אָדער אַנדערע). ניט קיין איבֿערגעאײַלטער, נאָר אַן א'ער מענטש.

—קייט.
איבערקנאַל — דער, ־ן. אַקט פֿוו
איבעדקנאַלן. אַ הילכיקער א, פֿון אַ שיסערײַ.
איבערקנאַלן — אוטוו. קנאַל איבער, ~
געקנאַלט. 1. אַ צאָל מאָל, אַ לענגערע צײַט
קנאַלן, אַרויסגעבן הילכיקע קלעפּ. דער
ראַדיאַטאָר האַלט אין איין א'. א, מיט דער
בײַטש איבער די פֿערד. 2. אויפֿהערן קנאַלן.
די מאַשין האָט איבערגעקנאַלט און
אויפֿגעהערט אַרבעטן. 3. טרוו. מיט אַ קנאַל עפּעס
טאָן (וואו מע דאַרף דעם קאָנווערב איבע□).
א, די פּילקע איבערן טויער. א, דעם קאָפּ
מיט אַ שטעקן. א, די אײַנגעחזרטע בר־
מצווהדרשה. ־עניש.
איבערקנאַקן — טרוו. קנאַק איבער, ~
געקנאַקט. 1. איבערקלאַפּן, איבערהאַקן מיט אַ
קנאַק. א, אַ ביין, אַ גלעזערנע כּלי. 2. קנאַקן
אַ גרעסערע צאָל, אַ לענגערע צײַט. שמועסן
און א, ניסלעך, קערעלעך. 3. דזוו
אויסקנאַקן ←. 4. אוטוו. אויפֿהערו קנאַקן. די
שיסערײַ האָט שוין איבערגעקנאַקט. 5. אַזוי
ווי איבערקנאַלן, ב3. מיט ז י ך. ־עכץ.
־עניש.
איבערקנופּן — טרוו. קנופּ איבער, ~

געקנופּט. פּפּ: ~קניפּן. מאַכן אַ קנופּ
נאָכאַמאָל, אַנדערש, פֿעסטער. א, די שנירלעך. א,
אַ שטריק.
איבּערקניבּען (זיך) — לר. דזוו
איבּערפּאָרקען, איבּערפּורקען (זיו) ←.
איבּערקניידלען יך — אוטוו. ־דל זיד
איבּער, זיך ~געקניידלט. (מיט בּיטול,
סאַרקאַסטיש) פּלוצלינג זיך איבּערבּײַטן, זיך
איבּערדרייען, זיך איבּערקוליען. זיך א',
רלויפֿן צו די שטאַרקערע. או ד: זיך שמדן,
בּכלל בּײַטן דעם גלויבּן.
איבּערקנייטשן — טרוו. קנייטש איבּער,
~געקנייטשט. 1. קנייטשן, פֿאַלדעווען
נאָכאַמאָל, אַנדערש. א, דאָס טיכל. 2. קנייטשן
אַ סכום מיטאַמאָל. א אַלע בּויגנס פֿונעם
,
אָפּגעדרוקטן בּוך. ־עניש.
איבּערקנײַפּן — טרוו. קנײַפּ איבּער, ~
געקנײַפּט, ~געקניפּן. קנײַפּן אַ צאָל אָדער
עטלעכע מאָל. א, אַלע ייִנגלעך וואָס זיצן
לעבּן אים. א, די קינדערשע בּעקלעך. א, די
בּולקעס. מיט ז י ך — קזוו. ־עניש.
־ערײַ.
איבּערקניִען — [לאַנגע י] אוטוו. קני איבּער,

~געקניט. קניִען, טיף בוקן זיך פֿאַר אַ
צאָל, אַ לענגערע צײַט. א, פֿאַר אַזוי פֿיל
אָפּגעטער. אויך מיט ז י ך — א, זיך פֿאַרן
פּריץ.
איבערקניפּלען — טרוו. ־פּל איבער, ~
געקניפּלט. דזוו איבערקנופּן, איבערקניפּן (נאָר

איבערקעמען

דער קנופּ איז אַ קלײנער). איבערבינדן. א, דעם
פּאַק מיטן בעטגעוואַנט.
איבערקניפּן — טרוו. קניפּ איבער, ~
געקניפּט. דזוו איבערקנופּן. אויך אין לד. „,
בײַטאָג פֿאָר איך קײנמאָל ניט שנעל, — האָט
ער שטיל געענטפֿערט און איבערגעקניפּט די
לײצן„, אָפּאַ, אַלײן.
איבערקניקן — ← אויסקניקן.
איבערקני־שיסעלע — דאָס, ־ד.
פּלאַטשיקער און קײַלעכדיקער ביין וואָס דעקט צו די
קני פֿון פֿאָרנט [ט. בערלס, מענטש־מאַשין,
קיִעוו 1927].
איבערקנעטן — [פּד — לאַנגע ק טרוו.
קנעט איבער, ~געקנאָטן, ~געקנעטן, ~
געקנעט. 1. קנעטן נאָכאַמאָל. מוזן א, די

ראָשטשינע. א, בּאַנײַס דאָס ליים. 2. אַ בּיסל
דורכקנעטן. א, דאָס טייג פֿאַרן אויספֿלעכטן
די חלה. 3. איבּערפֿורעמען. איבּערמאָדולירו,
איבּערמאָדעלירן. א, די סטאַטועטקע, פֿיגור.
„נײַע פֿאָרמען מוזן בּאַשאַפֿן ווערן, אַלטע
מוזו אָפּטרעטן, דאָס ליים — איבּערגעקנאָטן
ווערן...„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „זי
קען א, איר פּנים...זי קען עס צעבּרעכן אין
קרומע, צעשויבּערטע ליניען□, מוק, טעאַטער
און ייִד, טעאַטער. „אינטעלעקטועל געגוג
שטאַרק...צו ווען דאָס טאָן און געגוג ייִדיש
איבּערצוקנעטן די שפּראַך לויט זײַן בּאַדאַרף„,
מוו, ייִשפּ 4 ,II. „די גרינע ווערן איבּערקנאָטן
אין אַמעריקע“, רייד□ מיט ז י ך. —ונג.
□עכץ. ־עניש.
איבּערקנעלן — קנעל איבּער, ~געקנעלט.
□ורוו — איבּערלערנען אויף אַן אָנגעשטרענגטן
אופֿן. א, די פּרשה מיט די פֿאַרשטאָפּטע קעפּ.
אוטוו — קנעלן מיט אַ סך, אַ לענגערע
צײַט. א, אין שטעטל מיט אַ פּאָר דורות ייִנגלעך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבּעיקנעפּלען — טרוו. ־פּל איבּער, ~
געקנעפּלט. 1. פֿאַרקנעפּלען נאָכאַמאָל, אַנדערש.

2. איבערנייען קנעפּ. א, די מאַרינאַרקע וואָס
א, דעם מאַנטל פֿון וועכטס אויף לינקס.

איז צו שמאָל. מיט ז י ך — ,,די נ▯
רגעעפֿנטע וועלט...איז אַ מלמד וואָס האָט זיך...
איבערגעקנעפּלט אויף גויא▯...און געמיינט
אַז מע וועט אים נישט דערקענען▯, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.
איבערקעכלען — טרוו. ־כל איבער, ~
געקעכלט. 1. קעכלען, האָדעוועו מיט גוטע
שפּײַזן, איבער דער מאָס. א, דעם בן־יחיד
און אויספּאַשען אים. א, עמעצן ביזן
ניטגוט ווערן. 2. קעכלען אַ לענגערע צײַט אָדער
אַ צאָל. א, די קראַנקע. אויך מיט ז י ך.
־עניש.
איבערקעמען — ▯וורו. קעם איבער, ~
געקעמט. פּפֿ: ~קאַמען. 1. קעמעו (האָר)
נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש. יעדע ווײַלע א,
די האָר, דעם פּאַרוק. ,,דער קאַמער▯נער האָט
מיו געשווינד איבערגעקעמט...אויסגעצו▯גן דאָס
בערדל,,, ממוס, קליאַטשע. 2. נאָכאַמאָל,
אַנדערש דורכפֿירן אַן אַרבעט־פּראָצעס איבער

אַ פֿעדעמדיקן מאַטעריאַל מיט אַ

פֿילצײַנעראיבערקעמפֿן

דיקן מכשיר. א, וואָל, פֿלאַקס. מיט ז י ך
— א, זיך פֿאַרן שפּיגל.
איבערקע'מפֿן — טרוו. איבערקע'מף, ~
געקע'מפּט. דטשמ. נר. איבערשטאַרקן, בײַקומען,
גובֿר זײַן. „פּאַסט זיו צו אונדזער אָרגאַניזם
צו די געענדערטע באַדינגונגען און
איבערקעמפּט זיי„, פֿגעז, פּאַריז 12 1949 'No.
איבערקענען — ← איבערקאָנעו. א, אַלץ
וואָס מע האָט געלערנט.
איבערקעצלען זיך — קזוו. ־צל זיד איבער,
זיך ~געקעצלט. 1. פּעיאָ. זיך לאַשטשען, זיד
צערטלען. א, זיד ווי אין דער קושוואָך. 2.
אָפּהאָבן קעצלעך.
איבערקער — דער, ־ן. 1. אַקט פֿוו
איבערקערן. האַסטיקער א'. אַן א, מיטן קאָפּ אַראָפּ
און מיט די פֿיס אַרויף. 2. צעשטערונג וואָס
איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפֿע.
תּי פֿאַרטײַטשט 'ושממה כמהפכת זרים, [ישעיה,
א, 7): „און וויסט איז זי ווי דער א, פֿון

אַ פֿלייצונג,,. ,,פֿון אויבן נאָר און דורך אַ
שם קומט אָן דער א'‘‘, אַל 3 .II.
געזעלשאַפֿטלעכע, סאָציאַלע איבערקערעניש. ‘‘יענער
גרויסער א, אין דעם עקאָנאָמישן לעבו האָט
פֿיל צו פֿאַרדאַנקען דעם יידישן פֿאָלק,,, זשיט
I , נ‘‘י 1917. ‘‘דער געבילדעטער פּריזיניקער
מיעוט איז געווען באַגײַסטערט פֿון דעם א'‘‘,
נש איבז, שד III . ,,אַן אויפֿשטאַנד איז
דערלאָזלעך...ווען מע פֿאַרצוימט דעם וועג פֿאַר
אַ פֿרידלעכן א, דורך דעם שטימצעטל‘‘, ימ,
נײַס, 1922. ,,באַלד נאָכן נאַציאָנאַל־
סאָציאַליסטישן א',,, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. 4.
אײַליקער, פּלוצעמדיקער איבערבײַט, שינוי. אַן
א, אין אַ סיסטעם געדאַנקען. ,,די געשעענישן
...האָבן אַרויסגערופֿן אַן א, אין שבתיס נשמה ,
ימ, שד II .
איבערקערבאַר — אַדי. דטשמ. גר וואָס
מע קען איבערקערו. ־קייס.
איבערקערונג — די, ־ען. דזוו איבערקער,
איבערקערעניש. ,,גאָט האָט געדענקט אין אַבֿרהם
און האָט אַרויסגעשיקט לוט פֿון דעם א',,,
תּmומא, בראשית, וואַרשע תּרמ‘‘ו.
איבערקער יק, ־לעך — אַדי. נעאַל. וואָס

מע קען איבערקערן. א'ער רעגן־מאַנטל. אַן
א, היטל.
איבערקערן — טרוו. קער איבער, ~געקערט.
1. אויסקערן נאָכאַמאָל, אויפּסנײַ אָדער אַ
ביסל נאָר דורכקערן (מיט אַ בעזעם, באַרשט).
א, די שטוב (דאָס צימער) איידער עס
קומען די געסט. 2. אַרײַנבּרענגען אַן אומאָר
דענונג בײַם אַרומזוכן, אַרומנישטערן אָדער
בײַם זײַן ווילד, בײַם אַרומשפּרינגען (
געוויינלעך וועגן קינדער). א, אַלץ האָרע־קאָרע (
האָרןקאָרן). א, (אין) אַלע ווינקעלעך, (אין) אַלע
שופֿלאָדן, (אין) קופֿערטן אע. א, די ש ט ו ב,
די ו ו ע ל ט. „מע קערט איבער די שטוב
נאָך דעם מעסערל“, שע, 'דאָס מעסערל,. „ווייסן
ניט ווי גוט איז צו טופּען, טאַנצן און א,
וועלטן פֿון גרויס פֿרייד“, בערג, בײַם
דניעפּער I. „זיי האָבן איבערגעגראָבן דעם הויף,
איבערגעקערט די שטוב...נאָר...געמוזט

אַוועק5()()1

גיין מיט ליידיקע הענט“, א. שעכטמאַן, סאָוו,
היימלאַנד, 1 1962, No.
3. איבערניצעווען. איבערדרייען אויף דער

צווייטער זײַט (וועגן אַ מלבוש). א, די
מאַוינאַרקע, דעם מאַנטל. „די מאַמע האָט אים
אַפֿילו געהייסן א, דאָס קאַפּאָטקעלע אויף
דער לינקער זײַט„ □ מ□וס, ווינטשפֿ. אויך
בײַם פֿאַלשן אָנטאָן אָדער אויסטאָן. ’’ציט אַראָפּ
פֿון חיימס פֿוס דעם שטיוול, קערט איבער
די כאָליעווע„, בּ. שאַפֿיר, אַבֿרהמל דער
שוסטער, אַדעס 1911. „איך בין פֿאַרקראָכן אין
אַ פֿרעמדן קאַלאָש, גאָר איבערגעקערט
פּאָפּעראָק דעם שמויס‘‘, דער לאָדזער סוחר,
באַרדיטשעוו 1910. *א, דאָס ה י ט ל — אויך:
זיך שמדן. א, דעם פּ ע ל ץ — א) אים
איבערניצעווען. „דאָס פּעלצל איבערגעקערט (קען
מען א'), אָבער דאָס מזל קען מען ניט
איבערדרייען„, שוו; □) חרטה האָבן, ניט
האַלטן קיין וואָרט. א, דעם פּעלץ און ניט באַצאָלן
די חובֿות; ג) זיך שמדן. א, די ק ע ש ע ־
נ ע ס — אַרויסציִען, אַרויסנעמען פֿון זיי אָדער
אַרויסוואַרפֿן אַלץ וואָס אין זיי. א, די
קעשענעס בײַם זוכן געלט, אַ שליסל, שוועבעלעך,
אַ קליינע זאַך וואָס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען.
„דער גבאי־ראשון האָט זיי איבערגעקערט
זײַנע אַלע קעשענעס אויף דער לינקער זײַט„,

ש▯], אַלט־נײַ כּתרילעווקע.

4. איבּערדרייען אַ זאַך אויף דער צווייטער, דער פֿאַרקערטער זײַט. א, די שפּיגלען און די בּילדער אין הויז פֿון אַן אָבֿל. א, אַ בּאַנק, אַ טיש. א, מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פֿיס אַרויף. „איבּערגעקערט אַ טשעמאָדאַן, אַוועקגעשטעלט צווישן די פֿיס — מע וואַרפֿט אויס קאָרטן„, שע, אײַזנבּאַן־געשיכטעס. „מע מעג א, אַ קאָרבּ פֿאַר די פֿייגעלעך, זיי זאָלן אַרויף און אַראָפּגיין“, תּיקוני שבּת, אוסטרהא 1818. „בּײַ מאַכן די בּרכה דאַרף מען האַלטן דעם אתרוג מיט דעם עוקץ אַרו▯ף, נאָו דער בּרכה קערט מען איבּער דעם אתרוג און מע שאָקלט“, סשי I. „די בּרעט וואָס מ'איז מטהר אויף איר דעם מת זאָל מען ניט א, נאָך דער טהרה, וואָרעם עס איז אַ גרויסע סכּנה ח„ו“, דרך הולכים, [קעניגסבּער▯] 1858. „האָט ער איבּערגעקערט ס'גלאָז מיטן דנאָ אַרויף פֿאַר אַ סימן אַז ער וויל שוין מער ניט„, נאַד, טינט און פֿעדער. „ווען זײַן פֿעלד איז געוועזן געזייט ווייץ און ער האָט זיו בּאַדאַכט צו זייען גערשטן, זאָל ער וואַרטן בּיז די זריעה וועט צעגיין אין דער ערד און

א, די זריעה מיט אַן אַקער און נאָכדעם זייט
ער די גערשטן“, זרעים לז/ב. א, די א ו יג ן
= א) חלשן; בּ) שטאַרבּן. „געפֿאַלן מיטן
קאָפּ אויף צוריק...און גלײַך די אויגן
איבּערגעקערט„, מלח. א, די צ ו נ ג = זאָגן עפּעס
אַ וואָרט אַקעגן. „[ז□] מעג פֿאָרן אַלע זומער
קיין אַדעס..□און דער מאַן וועט איר אַפֿילו
די צונג נישט א„„ שע, קאָמעדיעס. א, אַ
כּ ו ס ע, אַ ג ל ע ז ל = אַרײַנקערן,
אויסטרינקען מיט איין זופּ. „ממוכן קערט איבּער
דאָס גלעזל בּראַנפֿן און זינגט אַ לידל□ □שע,
מע□יות פֿאַר ייִד, קי□דער II. „אַ שיכּור טאָר
ניט זײַן קיין בּעל־עגלה. וואָרעם אַ שיכּור

איבּערקערן

האָט ליבּ א'...און אַ בּעל־עגלה טאָר ניט א'□
[ווש מיט — א, דעם וואָגן], בּרוך שפּטרני,
בּעל־עגלות דערציילונג, וואַרשע 1880. א, די
ק אָ ר ט ן — ניט בּאַטייליקן זיך מער אין
קאָרטנשפּיל.

5. איבּערטרייסלען, דורכמישן. „די
אויסגעדרעשטע תּבֿואה...האַלטן אויף אַ לופֿטיק און

טרוקן אָרט...און פֿלײַסיק אַלעמאָל א'", מ.
װעבער, דער יוד, פֿעלדאַרבײַסער, װאַרשע 1891.
6. אומװאַרפֿן. א, די הייסע קאַװע. א אַ

,

טינטער מיט טינט. „ער שעמט ז ך װי אַ
קאַץ אַז זי קערט איבער דאָס טעפּל
סמעטענע„, פֿוול. „װען אום שבת איז געפֿאַלן
אַ לעכט אויף דעם טישטעך, מעג מען דעם
טיש א, כּדי דאָס לעכט זאָל אַראָפּפֿאַלן„, ספֿר
שלחן ערוך, ח"א. „אַ קאָרב מיט אויפּס װאָס
ליגט דערינען אַ שטיין...זאָל ער דעם קאָרב
א, עס זאָל אַלץ אַרויספֿאַלן„, לט2, סד/א.
א, די ש י ס ל = א) אומװאַרפֿן. „די הינער
פֿליִען...איבער טיש און בענק, צעברעכן אַ
גלעזל, קערן איבער עפּעס אַ שיסל", ממוס,
'דאָס קעלבל'; ב) אויך א, די ד ו י נ י צ ע,
אַװעקװאַרפֿן ייִדישע פֿירונגען, װערן אַן
אָפֿענער אַפּיקורס. א'...און װערן אַ מומר להכעיס.
„האָט ער [אוריאל אַקאָסטאַ] אויך געװאָלט די
גאַנצע שיסל מיטן דעק אַרויף א'„, מב"ס,
הוגה זעות, װילנע 1912; ג) װי ב) אויך:
װערן שטאַרק אין כּעס, טאָן צו־להכעיס,
קאַפּויער. *א, די ק אָ ר ע ט ע — א) אָפּטאָן

שלעכטס פֿאַר גוטס; ▯) ניט וועלן מער האָבּן
צו טאָן מיט אַ פֿריִערדיקן פֿרײַנד אָדער
בּעלטובֿה; ג) חרטה האָבּן.

7. אומדרייען אין אַן אַנדער ריכטונג. א,
דעם דישל, דעם וואָגן, די פֿערד. 8.
איבּערמישן. א, עטלעכע בּלעטער. *א, אַ נײַ
בּלאַט = אָנהייבּן לעבּן, זיך פֿירן אַנדערש,
בּעסער.

9. צעשטערן, חרובֿ מאַכן. תּי פֿאַרטײַטשט
'ויהפֿך את העוים האלה, (בּראשית, יט, 25):
,,און ער האָט איבּערגעקערט די דאָזיקע שטעט,,.
א, ווי סדום און עמורה. ,,סדום איז
איבּערגעקערס געוואָרן...וואָס פֿאַר אַ פּנים סע האָט
הײַנט נאָך דעם א'▯, נחבֿ, ,מעשׂה מבּעל־תּפֿילה'.
,,אַ בּיסל אַש פֿון דער שאַריגראָדער שׂריפֿה
וואָס זי האָט געזאָלט די גאַנצע שטאָט א',
[— פֿאַרבּרענען] נאָר דער בּעשט האָט ניט
▯--

דערלאָזט“, יפּ. ,,דער אָסיען האָט זיך
אָנגעהויבּן נאָך...סוכּות. די וועגן זענען געוואָרן
איבּערגעקערט, ערטערווײַז זענען געווען
גאַנצע גריבּער“, י. ל. בּינשטאָק, בּײַא ר, שלמה
בּערלינער, לוואָוו 1896. ,,ווען ניט המנס מפּלה,

וואָלט ער [המן] די װ ע ל ט איבערגעקערט“,
ה. קל▯באַנאָוו, די בלודנע פּייגיל, ווילנע 1908.
1O. ברענגען (פּירן צו) אַ
נאַטורקאַטאַסטראָפּע. „איז געוועזן אַ גרויסער שטורעמווינט
...און האָט פאַרמישט גאָר די וועלט, און ער
האָט איבערגעקערט פון ים יבשה און פון
יבשה ים...און פון יישובֿ מדבר„, נחבֿ, ,מעשׂה
מבעל־תּפֿילה▯.
11. פּירן אָ רעוואָלוציע, צו אַ גרויסן און
פלוצעמדיקן געזעלשאַפֿטלעכן איבערבײַט. א,
דעם סדרהעולם. א, טראָנען. א, די גאַנצע

איבערקערן זיך

סאָציאַלע אָרדענונג. א, ו ו ע ל ט ן. „האָט
איבערגעקערט אַלע פר▯צים קאָזיאָלעק...
רענדאַרעס זיצן אין גיטער כאָטש זיי צאָלן ניט
קיין ראַטע„, גענאַרטע וועלט, 1815? „...האָט
מיט דער צונג איבערגעקערט די וועלט...
צעטיילט אַלע מענטשן גלײַך גאָר ▯אָס גאָלד און
ז▯לבער“, ייִפּאָל, 43 1887, No.
12. (גוזמאדיק) זייער אַ סך אויפֿטאָן. „גיט
אונדז אַרבעט, וועלן מיר אײַך א, די ו ו ע ל ט“,

שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „און אונדזערע
גוטע ייִדן קענען...מיט איין זאָג א'...וועלטן„,
יפּ. ״ר, יודל זינגט און טאַנצט אויף אַלע
בּריתן, פּדיון־הבּנס, שבֿע־בּרכות און אַנדערע
שׂמחות, ווער שמועסט אויף חתונות קערט ער
גאָר איבּער די וועלט“, ז. מוירער, זײַ נישט
קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. דז אויך
א, בּ ע ר ג. אויך איר. „לאָזט אים נאָר צו,
ער וועט בּערג א'„, רייד.

13. משנה זײַן, בּרענגען גיך און פּלוצעם
צו דעם היפּור. אינגאַנצן איבּערמאַכן. „אַז
משיח וועט קומען, וועל איך א, די צינגער
פֿון אַלע פֿעלקער, זיי זאָלן אַלע ריידן
לשוןהקודש“, תּנחומא, בּראשית, וואַרשע תּרמ„ו.
„איך, מאָדע, קער איבּער וועלטן מיט דעם
איינעם וואָרט: ,סע איז היינט די מאָדע אַזוי'“,
מרדכי אָסטראָווסקי, אַ מענטש אָן אַ קאָפּ,
זשיטאָמיר 1876. „דו האָסט טאַקע מיך
געהערט, מײַן קלאָג צום טאַנץ איבּערגעקערט“,
ממו□, שירה. א, געלעכטער אין געוויין, א,
געוויין אין געלעכטער. „איבּערצוקערן די פּ□
נצטערניש אויף ליכטיקייט און די בּיטערקייט
□

אויף זיסקייט“, תּניא, 278.
14. איבּערבּײַטן גלייבּונג, אײַנשטעל, באַציאונגען, געפֿילן. „דו קענסט, גאָט, גאָר אָן מי די משׂכּילים א', נעם בּײַ זיי דעם שׂכל צו, וועלן זיי חסידים ווערן“, מאַגאַזין פֿון ייִד, לידער, באַרדיטשעוו 1891. „קענען ניט א, דעם איינעם שׂונא פֿאַר אַ ליבּהאָבער“, א.
שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבּערג נרס„ט. „די דאָזיקע ספֿרים האָבּן אים געעפֿנט די אויגן
און אים איבּערגעקעדט פּשוט גאָר פֿאַר אַן אַנדער מענטשן“, ממוס, מסעות. „נאָר דאָס האָט זיי שוין דער תּרבּותניק...איבּערגעקערט“,
חג, טמז, 1 1958 III. „אַ גרויסע סומע
דרשה עשאַנק פֿאַר דעם בּעל־דרשן [דעם מיסי נער] ער זאָל דרשענען איבּערצוקערן ייִדן“, ייִפֿאָל,
50 1882, No. „א, פֿון פֿאַרגעניגנס פֿן
עולמהזה ו אַהבֿת ד'“, תּניא, 54.
15 פֿאַרוואַנדלען, מגלגל זײַן (דורך כּישוף)
.
אין אַן אַנדער מין באַשעפֿעניש. „ני איין פּרינץ, ניט איין מלך איז דורך זיי איבּערגעקערט געוואָרן אין אַ צאַפּ, אין אַ פֿערד אָדער אין אַן אָקס“, ממוס, קליאַטשע.

16. אומפֿ. עס שטויסט צום ברעכן. עס ווערט ניט־גוט. עס קערט מיר איבער פֿון עמעצן, פֿון עפּעס.

איבערקערן זיך — אוטוו□ ← דפֿוו. 1. איבערדרייען זיך פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער. א, זיך אין שלאָף פֿון דער לינקער זײַט אויף דער רעכטער זײַט. „דער הייליקער תּנא □ האָט זיך איבערגעקערט מיטן פּנים או□ף

1006

□ □

דער אַנדערער זײַט“, מ□־רש ע□רת הדבּרות, איבז, לעמבערג 1862. „איר קענט זיך א, צוריק מיט דער פּלייצע צו מיר“, הל. „אַקערן איין מאָל, אָבער טיף, אַזוי אַז די גליבעס זאָלן זיך גוט א'“, מ. וועבער, דער יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. „דער טאָג האָט זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער האַלבער זײַט„, איציק קיפּניס. *ער האָט זיך שוין (לאַנג) איבערגעקערט אויף יענער זײַט =

ער איז שוין (מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק)
געשטאָרבן. *א, זיך אין □קבֿר — דזוו
אומדרייען זיך אין קבֿר □I. אומדרייען □יך, בּ4).
אַ (דער) בער האָט □זיך איבערגעקערט (אין

.

וואַלד, אין ז□ן נאָרע) — איר באַמערקונג
אויף אַ גוזמאדיקן איבערגעבן וועגן אַ
געשעעניש.

2. אינגאַנצן זיך איבערדרייען, אומפֿאַלן.
דאָס שיפֿל קערט זיך איבער. זיך א, און
מאַכן אַ קאָזשעליק. „זענען זיי...געקומען צו
אָ קליין בריקל, איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ פֿערד און
די□ בריקע האָט זיך איבערגעקערט און זיי
זענען שיִער דערטרונקען געוואָרן“, נחב, 'מעשׂה
בּרבֿ ובן יחיד'. „דער וואָגן זאָל זיך ניט
א, מיט אַלע פֿאַרשווינדלעך“, ממוס, ווינטשפֿ.
„ווען (אַלע) מענ□שן זאָלן ציִען אויף איין
זײַט, וואָלט די וועלט זיך איבערגעקערט“, שנו.

*די וועלט מעג (זאָל) זיך א, = עס
מעג געשען וואָס עס זאָל ניט זײַן. „די
וועלט מעג זיך טאַקע א'..., וויל איך איצט
נאָר זיצן און □דײַן קבֿר באַגיסן מיט טרערן,,,
עט, לידער. „איז מיך ניט אָנגעגאַנגען די

גאַנצע וועלט, זי זאָל זיך אַפֿילו געווען א',,,
ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ,,אַז ער האַלט אין
לייענען □ זײַנע אייגענע פֿערזן, מעג זיך
דעמאָלט די גאָנצע וועלט א'", שע, פֿונעם
יאַ□ריד. *די ש ט ו ב קערט זיך איבער = עס
ווערט אַ גרויסע אומאָרדענונג, אַ צע□
ומלעניש. □אַ קאַטאָוועס, אָן זיי וואָלט די גאַנצע
שטוב האָרנעם־קאָרנעם זיך איבערגעקערט",
ממוס, ווינטשפֿ. דער (אין□ ב ו י ך קערט זיך
אי□נער, די געדערים קערן זיך איבער = מע
האָט גרויסע יסורים. ,,אַז מע שטייט אָפּ אַ
מאַרק אָדער אַ יריד און מע לייזט □יט אַ
קאָפּיקע...קערט זיך איבער אין בויך. מע האָט
יסורים אָן אַ ברעג", ג. ח. לעוונעך, די
פֿאַל□וע חתן־כּלה, ווילנע 1897. ,,ער האָט
דערפֿיל□ו, אַז □ □ינעווייניק אין אים קערן זיך אים
□איבער אַלע געדערים", ל. שאפּיראַ, נאָוועלן.
*די ג אַ ל קערט זי□ איבער = □מע ווערט
אַרומגענומען פֿון אַן עקל־געפֿיל. (או□ו אָן
זיך: עס קערט מיר איב□ר די גאַל). ,,אַ י□ד
אַ בעל־תּפֿילה...רעוט גאָר בשוט ניבול־פּה,

אַז די אל קערט זיך איבער,,, פּרץ, 'האשה
מרת חה,.

3. ווערן צעורייט, צעטומל צעדולט. דאָס
אייבערשטיבל (= דער קאָפּ) קערט זיך אי I
איבער. ווער מאַרך אין קאָפּ קערט זיך יבער.
,,אַז מע פֿליט צו הווך קערט זיך איבער
,
דער מוח,,, שוו. ,,אין שטאָט האָט דערווײַל
געקלונגען, אָז דיר האָט זיך איבערגעקערט דר
לוח,, דו ביסט משוגע“, וֹמוס, קליאַטעוע.
ערט זיך איבער דער קאָפּ — וואָס ווע ט

איבערקערעניש

איר עסן?“, בן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון
חנוכּה, אַדעס 1893.

4. ווערן אינגאַנצן אַנדערש, (אומגעריכט)
ערגער. ,,ווען מלחמה האָט שײַטערס צעלייגט
...האָט זיך...דאָס לעבן מיט די שמויסלעך
אַרויף איבערגעקערט“, א. קאַהאַן, מענטשן
פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927. “דער אוראָזשײַ
האָט זיך איבערגעקערט און ס'איז דאָ ווייניק

מאָלעכץ אין מויל,,, בריוו. *א, זיך מיט דער
פ ו ט ע ר אַראָפּ = דאָס מזל האָט זיך שטאַרק

פאַרערגער , פּרנסה איז געפאַלן. ,,בײַ [אים]
אַליין האָט זיך אַלץ איבערגעקערט...מיט דער
פוטער אַראָפּ,,, פּרץ, פאָלקסט, געשיכטן.

5. צעשטערט ווערן, חרובֿ ווערן. ,,אין גאָר
אַ קורצן משך איז די שטאָט ירושלים
איבערגעקערט געוואָרן", אַלכּסנדר האַרקאַווי, די
יודישע רעוואָלוציאָן, נ"י 1892. ,,עס האָט זיך
געדאַכט, די וועלט האָט זיך איבערגעקערט
[פרגל ב2] און עס לויפן די לעצט־געבליבענע
נפשות זיך ערגעץ ראַטעווען פון אומגליק",
סעג פון רוסלאַנד.

,

6. אינעווייניק ווערן אַנדערש (וועגן בײַטן
ראַדיקאַל מיינונגען, אײַנשטעלונגען, דעם
גלויבן). א, זיך און פון אַ ראַדיקאַל ווערן אַ
רעאַקציאָנער. ,,דער פרומער טאַטע מײַנער וועט
מיינען אַז איך האָב זיך איבערגעקערט", פּ.
רודאָי, טמז, 1965 I 17. ,,לסוף האָט ער אים
צוגעזאָגט דרײַ דערפער, אַבי ער זאָל זיך

א, און נעמען זײַן טאָכטער , שע, סטעמפעניו.
7 פאַרוואַנדלט ווערן, מגולגל ווערן אין אַן

.

אַנדער באַשעפֿעניש. „האָבן זיך איבערגעקערט
פֿון מענטשן אויף פֿערד„, ש. מ. אָסטראָווסקי,
דער מאַסקעראַדן באַל, וואַרשע 1884. 8. זיך
בײַטן. „די קונים האָבן זיך איבערגעקערט:
□ איצט האָב איך נאָר אַ רײַכע קונדשאַפֿט“,
רייד. „דינסטן האַלטן זיך ניט בײַ מיר. צוועלף
□ □אָבן זיך איבערגעקערט בײַ מיר אין דיזעם
יאָר„, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887.
9. (חזניש) אַריבערגיין צו אַן אַנדער טאָן
בײַם זינגען. “בײַ אַ חזן איז גאָר אַ חסרון
אַז ער קען זיך ניט א'„, אבג, גלגול, וואַרשע
תרנ„ו. □ □
איבערקערעוועןְ — טרוו□ ־רעווע איבער,
~געקערעוועט. אומדרייען, □איבערדרייען. (
מאַכן) בײַטן די ריכטונג. א, דעם וואָגן. א, די
פֿערד. מיט ז י ך. ← איבערדרייען זיך.
איבערקערעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון □איבערקערן (זיך). פּלוצעמדיק, טומלדיק,
פּאַמעלעך, שטיל אאַ א'. ספּעצ: 1.
אומאָרדע□ □ונג, צעטומלעניש. „אין שטו□ב איז יאַן א',
קיין זאַך ניט אויףו זײַן אָרט“, ממו□, יויקטשפֿ.
„עפּעס די לעצטע □צײַט איז א□ן דעם הויז

אַ גאַנץ א, געוואָרן, דער הער איז בייז, די
מאַדאַם אויפֿגערעגט,,, ז פֿײַנמאַן, חנהלע די
— —   □

נייער□ן, פּשעמישל 1909. 2. אויפֿרודעריש,
אויפֿטרייסלעניש (□ואָס פֿירט □ו אַ גרויסן
איבערבײַט). ‘‘קו□מט אין שטעטל אָן אַ
חסידישער רבי און וואַרפֿט אַראָפּ דעם אַלטן רבֿ,
□ערט חלילה נישט אין שטעטל קיין א,,,,
בעמ III□ ,,איז אויפֿן שטעטל גאָר אַן □א,
געק□מען,,, ווײַס, אַ □סטע□ול. ,,□וליב בנימינען

איבערקערער

ווערט אַן א, אין דער פּאָליטיקע‘‘, ממוס,
מסעו□נ.
3. פּלוצעמדיקער איבערבײַט אין דער מאַכט
(דורכגעפֿירט איבערגוואַ'לד). פּוטש.
רעוואָלוציע (געניצט אָפּט לגנאי). ,,מיר דאַרפֿן
געפֿינען די אונטערשיידן אין די א'ן וואָס זײַנען
געווען אין דער צײַט פֿון דער פֿראַנצויזישער
רעוואָלוציע‘‘. די מיליטערישע א'ן אין... ,,מיר
זײַנען שוין אַלע צוגעוואוינט געוואָרן צו די

אָפּטע א'ן'', סעג פֿון רוסלאַנד. ''קלייניקייטן

,

מאַכן גאַנצע א'ן...און רעוואָלוציעס'', ספּ,
סודות. ,,די פּראָפֿעסאָרן פֿון בערלין, ימח שמם,
שרייַבן אַז דער תּלמוד לערנט ייִדן
אונטערצוגראָבן זיך אונטער דער מלוכה און מאַכן
א'ן, רעוואָלוציעס'', חג, טמז, XI 1964 13.
4. גרויסער פּאַמעלעכדיקער, בהדרגהדיקער
שינוי אין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן.
,,דער וועבשטול איז געווען די סיבה פֿאַר
אַן א, אין ענגלאַנד,,. ,,די גרויסע א, אין
די אַרבעט און אין דעם האַנדל, די א, וועלכע
גייט...אַלץ ווײַטער און ווײַטער'', ב.
פֿײַגענבויס, דעך סאָציאַליזמוס פֿון א, ביז ת,, נ,,י
1894.
5. חורבן, פֿולע צעשטערונג. אַן א, ווי
פֿון (אין) סדום און עמורה. ,,אַן א',...אַ
בהלה, אַ חורבן ווי נאָך אַן ערדציטערניש
אָדער נאָך אַ שׂריפֿה,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
6. האַסטיקער און גרונטיקער איבערבײַט
אין אופֿן פֿילן, אין רעאַגירן, אין
אײַנשטעלונגען און אין טראַכטן. אויך אין קונסט. אַן
א, אין ה אַ ר ץ, אין מ ו ח. די
מאָדערניסטישע א, אין מאָלערײַ. ,,אַז איך האָב זיך צו

זיי גוט צוגעקוקט.. איז אין מײַן האַרצן
געוואָרן אַן א, צום גוטן,,, ממוס, 'שם און יפֿת'.
,,יענער מאָמענט האָט געמאַכט אַ גאַנצע א,
אין מײַן צוגאַנג צו בּראַווקייט און
אומבּראַווקייט'', הל, טאָג, 1957 III י 3. ,,יענע א, וואָס
איז פֿאָרגעקומען אין די ייִדישע מוחות...[
איבּע] דעם אַסימילאַטאָרישן אידעאַל'', זשיט
III , נ,,י 1919. ,,די אידייען־א, וואָס האָט
געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע בּײַ אַנדערע ייִדישע
שרײַבּערס פֿאַר פּרצן איז געווען אַ
קאָלעקטיווע א', די א, פֿון אַ גאַנצן דור'', שנ,
דערציילעך ו און ראָמאַניסטן I.
7. בּכלל יעדער גרויסער שינוי (וואָס קומט
אומגעריכט און איז פֿאַרבּונדן מיט אַ
צעטומלעניש). ,,די צײַט טוט זיך אירס, מאַכט אַלע
א'ן אין דער וועלט,,, ממוס, שלמה. ,,זינט
דו האָט אָנגעהויבּן צו פֿאָרן...קיין אַדעס, איז
געוואָרן אַן א',,, אולריך קאַלמוס, שמערעלע
טראָסטיניצער, וואַרשע 1894. ,,רעוואָלוציאָנערע

א'ן אין יעדן געבּיט פֿון מענטשנס לעבּן און
דענקען'', בּצג, טמז, 20 XII 1964.

איבּערקערער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ק, ־ס.
1. ווער עס קערט איבּער. ,,...ווי אַ שטיין וואָס האָט ניט קיין א',,, אַל III, ,רבּי יהודה בן בּבָא'. 2. דער וואָס איז גורם אַן איבּערקער(עניש). ,,פּרץ האָט געשטורעמט ווי אַ יונגער א',,, מאַרק שווייד, טרייסט מײַן פֿאָלק. —יש — אַדי.
איבּערקערפּערלעך — אַדי. וואָס מע קען

1()()7

ניט פֿילן מיט די חושים פֿון גוף. א'ע דערשײַנונגען. ־קייט.
איבּערקראַטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער, ~געקראַטעוועט. דזון איבּערגראַטעווען ←. א, די פֿענצטערלעך פֿון דער תּפֿיסה.
איבּערקראָכמאַליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע) איבּער, ~געקראָכמאַליע(ווע)ט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ קראָכמאַליעווען. אַרײַנטאָן נאָך (מער) קראָכמאַל בּעתן (נאָכן) וואַשן. א, די העמדער און מאַכן זיי שטײַפֿער.
איבּערקראַכן — אוטוו. קראַך איבּער, ~ געקראַכט. פּלאַצן מיט אַ געהילך (וועגן אַ צאָל). איבּערטראַסקען. די בּיימער אין וואַלד קראַכן

איבּער פֿון די בּליצן. די הײַזער װעלן א, פֿון
די בּאָמבּעס. פֿיג. די בּערזעס װעלן א, בּײַם
קריזיס.
איבּערקראַנצן — טרוו. קראַנץ איבּער, ~
געקראַנצט. אַרויפֿלייגן אַ קראַנץ. א, דעם קאָפּ.
א, דעם קבֿר פֿון העלד. ־ונג.
איבּערקראַנק — אַדי. זייער קראַנק, גאָר
קראַנק. אַ□ א, געשעפֿט. „אַלע צײַט אַז איך
הער דאָס קול [פֿון תּשובֿה] מאַכט עס מיר
קראַנק, א'„, הרבֿ א. ל. בּראַנדיס איבּז, ספֿר
□יח ספֿונים, יאַס 1843.
איבּערקראַפּירן — אוטוו. ־פּיר איבּער,
~(גע)קראַפּירט. (װאוױליונגעריש)
איבּערקרענקען, איבּערכאָליען. א, פֿון אַ ליאַדע
קלייניקייט.
א, פֿון עמעצנס דערפֿאָלג.
איבּערקראַצן — טרוו. קראַץ איבּער, ~
געקראַצט. קראַצן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ אָדער
אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט. א, די װאונדן.
מיט ז י ך. ־עניש.
איבּערקראַקען — אוטוו. ־קע איבּער, ~
געקראַקעט. 1. אַ לענגערע צײַט אַרויסבּרענגען
די קלאַנגען קראַ־קראַ. א, װי אַ ראָב. 2. פֿיג.
איבּערזאָגן דאָס זעלבּיקע װאָס איז אומגינציק,

שלעכט. א, און א, אַז ייִדיש איז
אונטערגעגאַנגען. מיט ז י ך — אויפֿהערן קראַקען.
־עניש.
איבּערקרוטש(ק)ע(נע)ן — ־טש(קע)
איבּער, ~געקרוטש(ק)עט. אוטוו — נאָכאַמאָל,
ווידער אָדער אַ צאָל מאָל זײַן אומערלעך בײַ
אַ שפּיל. „ער האָט געפּעלשעוועט, האָט מען
איבּערגעשפּילט, אָבּער ער האָט ווידער
איבּערגעקרוטשקעט“, רייד. טרוו — איבּערשטײַגן
מיט קרוטשקעס, שפּיצלעך, פֿאַלשקייט. א, אַ
חבֿרה זשוליקלעך.
איבּערקרויזן — טרוו. קרויז איבּער, ~
געקרויזט. דזוו איבּערגרײַזלען. א, די האָר.
איבּערקרויזשקען זיך — אוטוו. ־קע זיך
איבּער, זיך ~געקרויזשקעט. פּפֿ: ~
קרויסטע(□נע)ן, ~קרויסקע(נע)ן זיך. לר. זיך
איבּערקלײַבּן אין אַן אַנדער דירה. „פֿאָלקע
האָט צונויפֿגענומען די ה□לבּע בּירפֿלעשלעך,
די שרויפֿן, די הויזן און זיך
איבּערגעקרויזשקעט“, מק, זעלמעניאַנער I. „זיך
איבּערגעקרויסקעט און דעם דלות מיטגענומען אויפֿן
וואָגן„, פֿוול. ־עניש.
איבּערקריגן (זיך) — ← אַריבּערקריגן (זיך).

-

איבערקריגן זיך — קזוו. קריג זיך איבער, זיך ~געקריגט. 1. זיך קריגן אַ לענגערע צײַט. „ווי בײַ ייִדן פֿירט זיך צווישן מאַן און ווײַב, האָבן זיי זיך אַ ביסל איבערגעקריגט„, ייִפֿאָל, 2 .39 1885, No. זיך קריגן מיט אַ סך. זיך א, מיט דער גאַנצער שטאָט. „זי האָט זיך איבערגעקריגט מיט אַלע קאָמיטעטן“, שע, מאָטל. ־עניש.

איבערקריווען — טרוו. ־דע איבער, ~ געקריוודעט. איבערשטײַגן אין קריוודען. „ביידע שותּפֿים זײַנען ניט געווען ערלעך און איינער האָט געוואָלט א, דעם צווייטן“, רייד.

איבערקריווען — טרוו. ־ווע איבער, ~ געקריוועט. סל. וורר. דזוו איבערקרימען. אויך מיט ז י ך.

איבערקריטיקירן — טרוו. ־קיר איבער, ~(גע)קריטיקירט. 1. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן (שטרענגער) קריטיקירן. א, און די מעלות אַרויסשטעלן ווי חסרונות. 2. בייזוויליק קריטיקירן. א, די פֿאָרשטעלונג

און זי אינגאַנצן אַרונטערריסן. 3.
קריטיקירן אַ צאָל. א, אַלע יונגע שרײַבערס.
4. קריטיש איבערשאַצן, איבערטראַכטן. ,,
זיצנדיק איינע אַליין לעבן דער קראַנקערס בעט...,
האָט [זי] געקאָנט א, אַלע אירע געפֿילן,,, ש.
ל. נדינפֿעלד, דיא ארמע געבילדעטע, וואַרשע
1896. ־ו״ג.
איבערקריטיש — אַדי. קריטיש איבער דער
מאָס, מער ווי נייטיק, ווי עס פּאַסט. אַן א'ע
באַציאונג צום מאָדערניזם ־קייט.
.
איבערקרײַזלען — דזוו איבערגרײַזלען.
איבערקרײַזן — טרוו. קרײַז איבער, ~
געקרײַזט. 1. איבערצייכענען אַ קרײַז אָדער
קרײַזן. א, מיט קאָלירטע בלײַערס. 2.
איבערטיילן אין אַנדערע קרײַזן. א, אַ געגנט.
איבערקרייען — קריי איבער, ~געקרייט.
אוטוו — נאָכאַמאָל, אַ צאָל מאָל אַרויסברענגען
די קלאַנגען פֿון אַ האָן (אָדער ענלעכע צו
זיי). אויך דזוו איבערקראַקען ←. טרוו —
דזוו אויסקרייען, טרוו, נאָר אַ צאָל מאָל. א,
דעם קוקעריקו. א, מיט אַ דין קולכל דעם
זעלביקן ענטפֿער. מיט ז י ך — קזוו. ,,די
הענער קרייען זיך איבער פֿון איין פּלויט צום

צווייטן,,, רייד.

איבערקרייצן ־— טרוו. ־ייִץ איבער, ~געקרייצט.

1. איבערצלמען. מאַכן מיט דער האַנט (מיט אַ פּאָר פֿינגער) איבער עמעצן דעם צייכן פֿון אַ קרייץ. 2. (וועבעריי) וועבן די פֿעדעם אין דער לענג און בּרייט. 3. איבערשטרײַכן איו דער לענג און אין דער בּרייט. אויך איבערפֿעסטיקן אין דער לענג און אין דער בּרייט. ,,ווי אַזוי איבערצוקרייצן אַלע אינטערנאַציאָנאַלע שאַפֿונג־פֿעדעם אונדזערע און זיי פֿאַרפֿעסטיקן,,, נאַד, טינט און פֿעדער. 4. איבערמישן, צונויפֿמישן; איבערפּאָרן מיט אַ ס פּעצ כּוונה. נר. א, זאָמען. 5. אַריבּערגיין. נר. א, די גאַס. ,,איז שוין גאָרניט אַזוי נייטיק איבערצוקרייצן אַ גרענעץ, בּצג, טמז, 8 1964 I. מיט ז י ך — צונויפֿטרעפֿן זיך אין איין פּונקט ווי ליניעס פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען.

איבערקריכן

,,דאָ האָבּן זיך איבערגעקרייצט אַזוי פֿיל טענדענצן“, ימ, יישפּ 3 ,I־6. —ונג.

איבערקריכן — קריך איבער, בּ י ן & ה אָ בּ

~גערקראָכן. אוטןו — באַוועגן (זיך), קריכנדיק בײַטן אַן אָרט פֿוו ליגן, זיצן. א, צום שׂונאס פּאָזיציע. „ער הייבט זיך אויף פֿון געלעגער און קריכט איבער...אויף אַ באַנק„, א. לעבענזאָן, פֿון זאַוואָד אין באָד, ווילנע 1893. פֿיג. קוים איבערגעקראָכן אין אַ העכערן קלאַס. אַקוזוו — איבערקלעטערן. א, דעם שפּיץ באַרג. א, אַ פּאַרק(אַ)ן. ־עניש.

איבערקרימען — טרוו. קרים איבער, ~ גערקרימט. 1. נאָכמאַכן, אָפּשפּעטן, פּאַראָדירן, אימיטירן כּדי אָפּצולאַכן. „וואָס קרימסטו מיך איבער?“ [געווענדט צו אַ רוח וואָס איז אַרײַן אין דער טאָכטער, ווען דער פֿאָטער האָט געזונגען שבת־צונאַכטיקע זמירו], מעמtה נוראה, העתקה מכ“י...תּרי“ט, וואַרשע 1911. „אַנשטאָט אַ 'גוט מאָרגן, פֿלעגט ער זיי...א, —
,
ווי זיי רעדן 'טאַטעלע־מאַמעלע'“, שע, קליינע מענטשעלעך. „און דאָס א, אײַך אײַער דאַוונען?“, יד, אבֿן נגף. „קרימען אים די קליפּות איבער יעדע מינע“, אַל 2 .I. אויסקרימען. מאַכן צו קרום. א, בײַם שנײַדן פֿיג. א,
.
דאָס בילד פֿון דער איצטיקער געזעלשאַפֿט.

מיט ז י ך — „האָט זי פֿרעך אַרײַנגעקוקט
אין...שפּיגל...און זיך איבערגעקרימט„, זש,
טמז, 1965 II ו 4. ־ונג. ־עכ — „וואָס
טוט נישט אַ לץ צוליב א,“, צײַט, יעקבֿ פֿראַנק.
־עניש — „אַ שוואַכע נאָכמאַכונג, אַן
אומבאַהאָלפֿענע א, פֿון דעם אייראָפּעאישן
טעאַטער„, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.
־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערקרימפּלען ← — איבערגרימפּלען.
איבערקריצן — קריץ איבער, ~געקריצט.
טרוו — נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ אָדער אַנדערש
אײַנקריצן, אײַנשנײַדן מיט אַ שאַרפֿן
אינסטרומענט אין מעטאַל, שטיין, אין האַרט האָלץ
(אותיות אָדער צייכענונגען). א, באַנײַס די
מצבֿה. א, די איניציאַלן. אוטוו — ווידער
אָדער אַ לענגערע צײַט רײַבןביידע רייען
ציין, עס זאָל זיך באַקומען אַ געקלאַנג פֿון
קריצן. א, מ י ט די ציין אַנשטאָט צו ענטפֿערן.
־עניש.
איבערקרעכצן — אוטוו. קרעכץ איבער,
~געקרעכצט. קרעכצן אַ לענגערע צײַט. „
גאַנצע נעכט פֿלעגט זי א'“, פּרץ פֿאָלקסט,
גע,
שיכטן. אויך מיט ז י ך — קרעכצן און

אויפֿהערן. ־עניש.
איבּערקרעמלען זיך — אוטוו. ־מל זיך
איבּער, זיך ~געקרעמלט. אַריבּערפֿירן דאָס
קרעמל (דאָס געשטעל וואו מע פֿאַרקויפֿט עפּעס)
אויף אַן אַנדער אָרט. נאָכן יריד א, זיך מיטן
סעמער לעבּן דער תּיפֿלה.
איבּערקרעמפּלען — טרוו. ־פּל איבּער, ~
געקרעמפּלט. איבּערבּאַרשטן בּײַם בּאַאַרבּעטן
וואָל און אויסרייניקן פֿון אָפּפֿאַל. א, וואָל.
איבּערקרעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע איבּער,
~געקרעמפּעוועט. שטאַרק, שטײַף
איבּערפֿעסטיקן מיט שטריק, דראָטן אע. וואַרפֿן נאָך אַ

שטריק און א, די שיף צום סלופּ. א, דעם
קופֿערט מיט בּאַנדאַײזן.
איבּערקרענקען — טרוו. קרענק איבּער,
~געקרענקט. 1. דורכמאַכן, איבּערלעבּן אַ
קראַנקייט. א אַ טיפֿוס און קומען צו זיך.

,

2. האָבּן גרויסע ערגערנישן, שווערע
איבּערלעבּונגען. „זיי...ווען עס אויך נישט אַזוי לײַכט
א"", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „די טאָרן

זיך אין ערגעץ נישט פֿאַרשליסן און אויסהערן [די ידיעות וועגן חורבן] און א, שוועה", סעג, איצטער. מיט ז י ך — ,,וואו זיא זיך א, [תּי: ,,זיך געפּלאָגט,,]...קומט און ניכט צו נוץ", מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, יב, 13.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

איבּערקרעפּעווען — טרוו. ־פּעווע איבּער, ~געקרעפּעוועט. (שנײַדער) שטאַרקער צונייען אַ טייל פֿון בגד צום גאַנצן. א, דעם קאָלנער פֿון (צו) דער מאַרינאַרקע.

איבּערראַבּירן — טרוו. ־בּיר איבּער, ~ געראַבּירט. פּפֿ: ~ראַבּעווען. 1. ראַבּירן, צונעמען איבּערגוואַלד, אַ סך, אַ צאָל מאָל. א אַלע ייִדישע קראָמען. אויך: א, די אָרעם, שאַפֿט מיט הויכער קאָראָבּקע. 2. ראַבּירן וואָס איז געבּליבּן פֿון פֿריִערדיקן ראַבּעווען. ,,די צווייטע בּאַנדע האָט איבּערגעראַבּירט וואָס די ערשטע האָט געהאַט איבּערגעלאָזן", רייד.

־דנ .

איבּערראַזירן — טרוו. ־זיר איבּער, ~(גע)־ ראַזירט. איבּערגאָלן. א, דאָס פּנים אין אָוונט פֿאַרן גיין צו גאַסט ־ונג.

—
.
איבּעררוּאָטן — [פּד, אוקר, אונגייִ ו] אוטוו & טרוו. ראָט איבּער, ~גערוּאָטן. געבּן אַן אַנדער עצה, אָדער אַנדערש עצהן ווי מע האָט אַליין געהאַט בדעה צו טאָן. „געוואָלט פֿאָרן קיין אַמעריקע, אָבּער מע האָט מיך איבּערגעראָטן צו בּלײַבּן אויף אַן אָרט„, רייד. מיט ז י ך — מיט אַ צאָל. א, זיך מיט אַלע פֿרײַנד. ־עניש.

איבּערראַטעווען — טרוו. ־טעווע איבּער, ~געראַטעוועט. 1. ראַטעווען אַ צאָל. א, געשעפֿטן פֿון בּאַנקראָטירן. „וויפֿל ייִדן אָט די פֿרוי האָט איבּערגעראַטעוועט איז שווער צו וויסן“, רייד. 2. אַריבּערראַטעווען. א, אַ פּאָליטישן איבּער דער גרענעץ. מיט ז י ך — א, זיך איבּער דער גרענעץ.

איבּערראַיאָנירן — טרוו. ־ניר איבּער, ~(גע)־ראַיאָנירט. איבּערטיילן אַ געגנט אָדער שטאָט (צוליבּ אַדמיניסטראַטיווע צוועקן, אין שײַכות מיט וואַלן אדגל). א, די אַמאָליקע צאַרישע גובּערניעס. א, די שטאָט (דעם שטאַט) לויטן דעמאָקראַטישן פּרינציפּ פֿון גלײַכע צאָלן וויילערס. ־ונג.

איבּעררוּאָיען — טרוו. ־יע איבּער, ~געראָיעט.

1. איבערגראָבן. א, דורכגאַנגען אין דער ערד
ווי אַ מוילוואָרף. 2. איבערזוכן.
איבערנישטערן און אָנמאַכן אַן אומאָרדענונג. מאַכן אַ
רעוויזיע און א, אַלץ מיטאַנאַנד. „מע האָט
איבערגעראָיעט אַלע סחורות און געפֿונען
עטלעכע פּאָר זאָקן, העמדער, קרוזשעוועס...אָן
בלאָמבן“, ייִפּאָל, 17 1884, No. „צוריקוועגס

-

איבעררואַפֿינידן

גייען מיר אַרײַן אין מײַן אַלטער דירה...מען
איז שוין דאָרטן געווען פֿאַר אונדז און אַלץ
איבערגעראָיעט„, סאָוו, היימלאַנד 6 1962, No.
מיט ז י ך — א, זיך אין עמעצנס פּריוואַטע
ענינים. ־עניש.
איבעררואָלן — ראָל איבער, ~גערואָלט. אוטוו
— איבערקײַקלען זיך (אויך מיט אַ געטומל
ווי אַ דונער). „איבער די ביימער דער
הילכיקער שטאָל [פֿון די העק] האָט איבערגערואָלט
ווי אַ ראָד דורכן טאָל“, מל, 'דאָס פּײַערל'.
טרוו פֿונדאָסנײַ, אַנדערש צונויפֿדרייען,
צו------
נויפֿוויקלען אין אַ פּאַק. א, אַ טעפּעך. א,

אַ פּאַק מאַנופֿאַקטור. אויך מיט ז י ך.
איבּערראַלען — טרוו. ־לע איבּער, ~
גערֿאַלעט. אוקר. איבּערבּראָנעווען. א, אַ צעאַקערט פֿעלד.
איבּערראָמאַנסירן — אוטוו. ־סיר איבּער, ~ראָמאַנסירט. ראָמאַנסירן, פֿלירטעווען מיט אַ צאָל. א, מיט אַלע בּחורים פֿון דער גרופּע.
איבּערראַמען 1 — טרוו. ראַם איבּער, ~ גערֿאַמט. פּפֿ: ~רעמען. אײַנראַמען אין אַן אָנדער ראַם, רעמל, אָדער אין אַ צאָל ראַמען.
א אַלע בילדער פֿאַר דער או□סשטעלונג. —ונג.
,

איבּערראַמען 11 — טרוו. ראַם איבּער, ~גערֿאַמט. פּפֿ: ~רוימען, ~ראָמען. אויפֿרוימען (←.) פֿוגדאָסנײַ, אַנדערש אָדער אַ צאָל. א, די צימערן, ווײַל די אויפֿרוימעריו
□גיש. □ט□ □ר אויבּנאויף ־עכ□ו.
.
- -,
ר ־קע).
אָט עס ג ן נ
זיך ~געראַנגלט. □..

—־גל זיך איבער,
. קזוו. ראַנגלען זיך מיט
איבערראַנגלען זי

 י . א, זיר מיט שוועריקייטו, מיט
פּראָא צאָל. א, זיך מיט די שטאַרקע ייִנגלעך.

.

בלעמען פֿון הײַנטצײַטיקייט. ־עניש.
איבערראָנדז(י)ען — טרוו. ־דז(י)ע איבער,
~גערראָנדז(י)עט. וורר. ~ראָנדזשען, אוקר.
איבערשטעלן, איבערסדרן. א, די כּלים איו
קיך. א, די גאַנצע בעל־הבתּישקייט. ־עניש.
איבערראָסטן — ראָסט איבער, ~גערראַסט.
אוטוו — ווערו דורכגעזשאַווערט. די בּלעכו
האָבן אַזוי איבערגעראָסט אַז זיי בּרעכן זיך.
טרוו — מאַכן עס זאָל ווערן אַ ביסל באַדעקט
מיט ראָסט. דער רעגן קען נאָך א, די בלעכן.
איבערראַסיש — אַדי. 1. וואָס איז מחוץ
פֿון יעדער ראַסע. „אַזאַ א'ע פֿיזיק ווי...פֿון
דע
2. וואָס איז איבער, העכער פֿוו אַ
ראַם דיכטער...„ מ. ראָוויטש, מײַן לעקסיקאָן

.I
סישן צוגאַנג, שטאַנדפּונקט. אויך ~
ראַסיסטיש. בויען אַנטראָפּאָלאָגיע או￼ף א'ע
פּרינציפּן.
איבּערראָפּען — טרוו. ־פּע איבּער, ~
גערופּעט. ניצן שטאַרק־געזאַלצן וואַסער איבּער דער
מאָס. א, די אוגערקעס בײַם אײַנזײַערן.
איבּערראַפֿינירט — אַדי. זייער ראַפֿינירט,
איבּער דער מאָס. איבּערגעשפּיצט. אַן א'ער
דיפּלאָמאַט. ￼קייט.

-

איבּערראַסינירן — טרוו. ־ניר איבּער, ~
ראַפֿינירט. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש דורכפֿירן דעם

איבּערראַפֿלען

פּראָצעס פֿון ראַפֿינירן. א, נאַפֿט, אייל. א,
צוקער. 2. מאַכן עמעצן ראַפֿינירטער,
איידעלער, פֿײַנפֿיליקער. „אַזאַ קריטיקער דאַרף
מען פֿריִער פֿון אַלץ א'“.
איבּערראַפֿלען — טרוו. ־פֿל איבּער, ~
געראַפֿלט. אַמ. ווידער פֿאַרקויפֿן פּלעטן צו

געווינען די זעלבּיקע זאַך. „איצט קענען מיר
א, דעם טאָרט, ווײַל...האָט אים אונדז
אַוועקגעשענקט„, רייד.
איבּעררײַצן — 1. דזוו איבּעררײַסטן ←.
2. דזוו איבּערסמאַרקען ←.
איבּעררײַק — דער, ־רעק. ← אייבּעררײַק.
„והשנית, ווי טוט זיך אַ ייִד אָן אַן א, וואו
מ'זעט אַרויס דעם גאַנצן 'זײַטס־מיר־מוחל'?“,
ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואָנילער יונג I,
טאַרנאָוו 1911.
אי'בּערראַש — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבּערראַשן. איבּערראַשונג, חידוש, סענסאַציע. „האָט
זיך ניט געווערט, ער האָט זיך נאָר צעלאַכט
פֿון א„,, אַלף כּץ, אַמאָל איז געווען אַ מע□tה,
1944. „האָבּ איך געזען אויגן מיט צושטים
און אויגן מיט א,“, בּצג, טמז, 19 1956 III.
אי'בּערראַשונג — די, ־ען. געוויינלעך
געניצט דטשמ ~ראַ'שונג. פּראָצעס פֿון
איבּערראַשן. אומגעריכטקייט. פֿאַרוואונדערונג,
חידוש, פֿאַרחידושונג. סענסאַציע. מאַכן אַן א'.
פֿײַנלעך דורכלעבּן אַן א'. אַ פֿריידיקע א,.
„ער האָט אַ פֿלינקן קוק געגעבּן אויף מיר
ווי פֿון א',,, ווײַס I, 'דאָס לעבּן'. „ער האָט
אָנגעוואוירן דאָס לשון און איז געבּליבּן שטיין

ווי פֿאַרגליווערט פֿון א'", לדבֿ, נ,,י תּשי,,ז.
,,איז די מדינה אויפֿגעגאַנגען איבער אונדז
און איבער דער וועלט ווי אַ גרויסע א', ווי
אַ היסטאָרישע א',,, צײַט, טמז, 19 1963 ‭▯‬I.
[געווען אַ פרוּוו אויפֿצונעמען דאָס וואָרט ווי
אַן אָפּשטאַם פֿון רעש — ,,באַמערקט אויף
זײַן געזיכט אַ באַזונדערן אָפּדרוק פֿון פֿרייד
און איבערראַשונג", צ. ה. האָרנשטיין,
זלידניעפֿקער לעבעדע פֿאָטאָגראַפֿי, באַרדיטשעוו
תּרנ,,א.]
איבערראַ'שט — אַדי, פּאַר איבערראַ'שן ←.
מיט ז ײַ ן & ו ו ע ר ן. זײַט (ווערט) ניט
א'. ,,איז ער א, געוואָרן פֿון איר שיינקייט",
ספּ, סודות. ,,דער נאַצי איז א, געוואָרן פֿון
דעם יִדנס דרייסטקייט,,, מ. שטריגלער,
אינדזלען אויף דער ▯רד. ,,מאַריע האָט
איבערגעכאַפּט זײַן בליק, נאָר צו איר...איז ניט
דערגאַנגען ווי ווײַט ער איז א',,, ה. דאָבין,
סאָוו, היימלאַנד, 2 1961, No. ,,יאָסעלע, אַן
א'ער,...איז נאָכגעלאָפֿן,,, ווײַס II, 'דער
איבערגאַנג'. ← איבערגעראַשט. ־קייט.
אי'בערראַשיק — אַדי. 1. נעאָל. וואָס קען
איבערראַשן. א'ע ידיעות. 2. דזוו
איבערראַשנדיק; וואָס איז אין מצבֿ פֿון זײַן

איבערראשט   פֿון צו פֿיל גוטס ווערט מען אַ
—. ,,
ביסל א'", בריוו. ־יקייט.
אי'בערראַשן — טרוו. ראַש איבער, ~
גערשט. נעאָל צו פֿאַרבײַטן איבערראַ'שן. ,,ראַש
ניט איבער מיט אַ שלעכטער בשׂורה,,. ,,האָט

1()()9

זיך איר איינמאָל פֿאַרגלוסט איבערצוראַשן דעם
מאַן", אָפּאַ, אַ פֿאַרשנורעוועט לעבן'.

,
איבערראַ'שן — טרוו. איבערראַ'ש, ~
געראַ'שט. דטשמ. אָפּט געניצט. 1. פּלעפֿן,
צעטומלען מיט עפּעס וואָס איז (קומט)
אומגעריכט, פּלוצעם. פֿאַרחידושן מיט עפּעס וואָס
איז נײַ. א, מיט אַ גוטער (שלעכטע) בשׂורה.
א, מיט אַ וואָרט, מיט אַ טואונג אאַזוו. א,
דעם שׂונא מיט אַן אומגעריכטער אַטאַקע.
2. אַרויסרופֿן פֿאַרוואונדערונג, התפּעלות. א,
מיט גאונות. א, מיט אַ קלוגן מאַנעווער אין
דיפּלאָמאַטיע. ,,איבערראַשט די וועלט מיט
גרויסע וואונדערלעכע זאַכן האָבן מיר ניט,,, ממוס,
שלמה. ,,אייגנטלעך וויל דער לייענער גופֿא...

אַז דער שרײַבער זאָל אים מיט עפּעס א ,
פֿאַרוואונדערן,,, שנ, קריטיק און קריטיקער.
3. אַרײַנקומען פּלוצעם, אומגעריכט. א,
עמעצן וואָס דאַרף אַרבעטן און ער ליגט גאָר און
שלאָפֿט. ,,כ'האָב דעם אַלטן וואַלד אין זײַן
הייליקסטער שעה איבעראַשט , יהואָש, 'אין
וואַלד'. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
איבערראַשנדיק — אַדי, גער פֿון
איבערראַשן. ← דפֿוו. וואָס איבעררא'שט, רופֿט
אַרויס איבערראַשונג. ,,דער ערשטער סימן,
א, און בולט, האָט...אָנגעצייכנט דעם אָנקום
פֿון אַ נײַער ווענדונג,,, זלמן שזר, טמז,
29 XI 1964. איבעראַשנד — דטשמ. נר.
איבעררגלען — [...ראַגלען] אוטוו. רגל
איבער, ~געגלט. (אין פֿאַרשטעלטע רייד)
איבערגיין, אַריבערגיין, אַוועקגיין. זיך אָפּטראָגן.
,,יהודי, רגל איבער אַהין, צו דײַנע אַחים,
שטיי ניט פֿאַר דעם קנעפּלס אויגן,,, רייד.

-

איבעררובֿן — [...ראָוון] טרוו. רובֿ איבער,
~גערובֿט. סטוטש. איבערשטײַגן עמעצן מיט
אַ מערהייט שטימען בײַ וואַלן. מאַיאָריזירן. א,

דעם גבאי ראשון.
איבּעררוגזן — [...רויגעזן] טרוו. רוֹגז איבּער, ~גערוֹגזט. מאַכן אין כּעס אַ צאָל. א, אַפִּילו די גוטע פֿרײַנד מיט ווילדע שטיק. מיט ז י ו — אויפֿהערן זיו רוגזן.
איבּעררודעווען — אוטוו & טרוו. ־דעווע איבּער, ~גערודעוועט. איבּערטומלען, אָנטומלען. „וואָס האָט שוין דער קאָפּ ניט איבּערגערודעוועט אויף זײַן לעבן!„, קמ, 42 1868, No. א, דעם גאַנצן גערודער. אויך מיט ז י ו.
איבּעררודערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~ גערודערט. 1. אַ לענגערע צײַט רעשן, טומלען (זיך). טאָן עפּעס און דערבּײַ האַרמידערן, קאָכן זיך. א, מיט גרויסע פּלענער. א, מיט גוואַלדאָוונע דערגרייכונגען. 2. אויך טרוו. אַ לענגערע צײַט רודערן און פֿירן אַ רודערשיפֿל. א, הין און צוריק (איבּער) דער אָזערע. מיט ז י ו.
איבּעררויבּן — דזוו איבּערראַבּירן ←.
איבּעררויכערן — ← איבּעררייכערן. ← אויסרויכערן.
איבּעררוים — דער, ־ען. נעאָל. רוים וואָס איז איבּער, העכער פֿון דעם פֿריִער דערגרייכלעכן רוים. „נאָך דעם אָנקום פֿון דער

/

-

איבּעררופן

אַטאָמישער עפּאָכע פֿון פֿלִיִענישן אין דעם
-
,
א',,, ל , טמז, 26 1965 XII.
איבּעררוימען — דזוו איבּערראַמען II. א,
די שטובּן.
איבּעררוישן — דויש איבּער, ~גערוישט.
אוטוו — רוישן אַ לענגערע צײַט. א, ווי
דער וואַלד אין אַ שטורעם. טרוו — איבּער
שטײַגן אין רוישן. די מאַשינען רוישן איבּער
די רייד און דאָס געטומל אין פֿאַבּריק. ־עניש.

איבּעררונדיקן — טרוו. ־דיק איבּער, ~
גערונדיקט. איבּערטאָקן עס זאָל זײַן
קײַלעכדיק(ער). א, פּיסלעד פּאַר אַ פּאָטעל.
איבּעררוסן — טרוו. רוס איבּער, ~גערוסט.
אײַנשמירן, איבּערשמירן מיט סאַזשע. א, דאָס
פּנים און זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר דעם טײַוול.
איבּעררוען — אוטוו. רו איבּער, ~גערוט.
אַ ביסל, אַ קורצע צײַט רוען. זיך צולייגן,
א אַ ווײַלע און ווידער זיך נעמען צו דער
,
אַרבּעט. אויו מיט ז י ו.
איבּעררו [ע(נע)ן — אוטוו, אומפּ. דזוו
אויסרופּענען ←.
איבּעררוף — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבּעררופֿן (זיך). א, פֿון חיות אין ווילדן וואַלד.
„איך בין דער ניגון פֿון דײַן זונפֿלייט, דײַן
אויסגעוויין פֿון עלנט אין די רוימען, אַן א,
פֿון צײַטן„, י. מאַניק, 'אין טריט פֿון דײַן
וואַנדער'. „ווי אויף אַן א, פֿון טויט שרײַען
זיך אויס די באַנען„, פּמ, מלחמה. 2. דאָס
אָנרופֿן אַ צאָל נעמען פֿון אַ רשימה (ווי אַ
קאָנטראָל צי עמעצער פֿעלט ניט). א, אין
קלאַס, אין דער קאַזאַרמע, אין טורמע. „אָבער
דעם א, קען מען ניט פֿאַרפֿעלן“, ש.

בּרעגמאַן, דורך קריג און ר וואָלוציע, אַדעס 1932.
3. עכאָ, נאָכקלאַנג. פֿיג: עפּעס וואָס רופֿט
אַרויס אין דער מחשבֿה (ווײַטע) געשעענישן,
סימבּאָלן. דער א, אין הייל. „וואָס מער דאָס
פּאָעטישע וואָרט איז אָנגעלאָדן מיט...א'ן מיט
היסטאָרישע אָדער ליטעראַרישע געשעענישן און
סימבּאָלן, אַלץ שווערער איז איבּערצוגעבּן דאָס
ליד אַליין„, ש. מאַרגאָשעס, טמז, 1965 I י 26.

איבּעררופן — טרוו. רוף איבּער, ~גערופֿן.
1. רופֿן נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל. רופֿן
און א, דעם יונג — און יענער רירט זיך
ניט פֿון אָרט. א, אויפֿן טעלעפֿאָן. א, עמעצן
מיט אַלע מיאוסע נעמען. 2. אויסרופֿן אָדער
צורופֿן אַ צאָל לויט אַן אײַנגעשטעלטן סדר.
א, אַלע וואָס וואַרטן אויף זייערע פּאָרציעס.
א, די רעזערוויסטן. מיט ז י ך — 1. קזוו.
„די וואונדער־שיינע קאַפּעלע פֿון
שפּילפֿייגעלעך וואָס רופֿן זיך איינע מיט דעם אַנדערן
איבּער אויף זייער לשון“, ממוס, ווינטשפּ.
„פֿון מײַן קעשעניע דער קלאַנג דערגייט, ס'

לעבן דאָרט מטבעות זאַלבעצווייט, קליינגעלט
רופֿט זיך איבער אין דער שטיל״, האָפּ, 'אין
אָפּרו־הויז'. 2. פֿיג. האָ▯ן דעם זעלביקן
אָדער ענלעכן איַינשטעל. „נאָר ס'איז ביז
גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס מענדעלע רופֿט
זיך איבער מיט סאַלטיקאָוו־שטשעדרינען״, מ.
נאָטאָוויטש, סאָוו, היימלאַנד, 3 1961, No.
־ונג. ־עניש. ־ער.

איבעררוק

איבעררוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
איבעררוקן. דער א, פֿון ביכערשאַנק פֿון ▯ שרײַבטיש
,
אַדגל. א, פֿון זייגער. 2. איבערשטעל אין
אַ ריי (מאַט). דער א, פֿון גלידער, מע זאָל
קענען אָנווענדן אַ פּשוטערע פֿאָרמל. 3. (
געצוואונגענער) איבערבײַט פֿון וואוינאָרט. דער
א, פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די
פֿאָרשטעט. „די א'ן פֿון באַפֿעלקערונג אין
אייראָפּע וואָס די אַנטוויקלונגען האָבן
אַרויס▯ גערופֿן״, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. 4. נײַער
בייג, אָפּנייג, אָפּווײַך. „די דאָזיקע סובטילע

א'ן אין דער טעאָריע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין דער פּראַקטיק אויך,, י. גוטמאַן, ייִבל XX, 1. 5. מאָדיפֿיקאַציע. איבערשטעל פֿון טראָפּ פֿון וויכטיקייט. ,,די רעזולטאַטן פֿון א, [ווי דעם] שטאַרקסטן מיטל פֿון חלום־צענזור“, מוו איבז פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָ,

אַנאַליז. 6. איבערבײַט לויט אַ באַשטימטער ריי, על־פּי אַ געזעץ. ,,דער א, פֿון איין קלאַנג קען גורם זײַן דעם בײַט פֿון אַ צווייטן קלאַנג“, מוו, ייִשפּ XIII, 2־3.

איבעררוקן — טרוו. רוק איבער, ~גערוקט.

1. רירן עפּעס פֿון אָרט, בײַטן דעם פּלאַץ, די פּאָזיציע פֿון עפּעס דורך רוקן, שטופּן, שאַרן. א, דעם ביכערשראַנק; א, די ווײַזערס פֿון זייגער. א, דעם באַנדאַזש. א, דעם לאַפֿער (שאָך). א, די דיוויזיע נעענטער צום פֿראָנט. ,,די קאָמיסיע איז ניט פֿויל, מע קוקט, מע רוקט איבער בעטן אַהין, בעטן אַהער“, ממוס, 'וואָלין'. ,,איבערנאַ'כט ווערן הײַזער און גאַסן איבערגערוקט,,, ב. לאַפּין, פֿולער קרוג. ,,רוקט מען איבער אַ ביסעלע דעם איבערבונד,, [פֿון אַ נײַ־פֿאַרזעצט ביימעלע], מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.

2. איבערבײַטן עפּעס בנוגע צײַט (אויך סדר).
א, דעם געדענקטאָג פֿון 19טן אַפּריל אויף
כז (בּ)ניסן. א, דעם פּונקט פֿון סדר־היום.
„די עלטסטע נאָטיץ וועגן ייִדישן טעאַטער איז
דאַטירט 1838. אַ נײַער מקור וועט די דאָזיקע
דאַטע א'„, י. שאַצקי, ייִבּל □ 3 .2□1 ,XI.
צווינגען צו בײַטן אַן אָרט. א, די באַפֿעלקערונג
אויף מזרח. מלחמות רוקן איבער די גרענעצן.
4. מאַדיפֿיצירן, איבערשטעלן. בײַטן די
וויכטיקייט, דעם ווערט. א, דעם טראָפּ, דעם
אַקצענט, די אַקצענטירונג. א, צו אַ העכערער
וואַלוטע. א, די פּרײַזן. „רוק נישט איבער די
אַלטע גרענעץ וואָס דײַנע עלטערן האָבּן
געמאַכט“, מס, משלי תקע“ד, כבֿ, 28.
מיט ז י ך — א, זיך אויף רעכטס (לינקס).
א, זיך ווי אַ קאַליקע. „זײַט מוחל, ר, ייִד,
רוקט זיך איבער אַ ביסל ווײַטער„, רייד. “קיין
יונגעלײַט נגידים זענען [הי] גאָר...נישטאָ,...
דאָס האָט זיך גאָר אינגאַנצן איבערגערוקט אין
דער הייליקער שטאָט אַרײַן, קיין מעזשבעזש„,
'גדולת ר, וואָלף, [יפּ]. „די סאַמעטענע
יאַרמלקע האָט זיך איבערגערוקט פֿון מיטן קאָפּ
צו דער פּאַטילניצע“, חג, טמז, 21 1966 I.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבּערריגלען — טרוו. ־גל איבּער, ~
געריגלט. פֿונדאָסנײַ, אַנדערש, פֿעסטער פֿאַרמאַכן,
פֿאַררוקן מיט (אַ) ריגל(ען). א, טיר און טויער.
־עניש.

1()1()

איבּערריגעווען — טרוו. ־געווע איבּער, ~
געריגעוועט. איבּערנייען, צונויפֿנייען פֿונדאָסנײַ
בּיידע טיילן פֿון אַ לאַץ (קליאַפּע) מיט
גראָבּע שטעך פֿון אוגטן און מיט קוים קאָגטיקע
פֿון אויבּן.
איבּערריִדלען — טרוו. ־דל איבּער, ~
גערידלט. איבּערגראָבּן מיט אַ רידל. א, אַ בּייט
פֿאַרן פֿאַרפֿלאַנצן.
איבּערריזיקירן — אוטװ. ־קיר איבּער, ~(גע)־
ריזיקירט. ווידער אָדער אַ צאָל מאָל ריזיקירן,
אײַנשטעלן. א, מיטן לעבּן בּײַ יעדער מאָל
אַרויסגיין אין גאַס. א, מיט אַ גרויסער סומע
געלט. ־ונג.
איבּערריזלען — אוטוו. ־זל איבּער, ~
געריזלט. איבּערפֿליסן פּאַמעלעך. וויפֿל וואַסער
האָט שוין איבּערגעריזלט אין אָט דעם קליינעם
טײַכל.

איבּערריטשן זיך — או"ווו. ריטש זיך איבּע" ~גערי טשט. פּד. דזוו אונטערריטשן זיך ←. א, זיך אויף דער צווייטער זײַט גאַס.

איבּערריטשען — אוטוו. ־טשע איבּער, ~ גערי טשעט. איבּערבּרומען, איבּערעוועז. אַרויסבּרענגען פֿונדאָסנײַ הייזעריקע און גלײַכצײַטיק גרילציקע קלאַנגען. א, ווי אַ געקוילעטער חזיר. א, ווי אַ פֿאַרזשאַווערטער ריבּאײַזן. טרוו — דזוו איבּערקריצן. דרייזין.

איבּעררייַבּן — טרוו. רייַבּ איבּער, ~ גערי בּן. 1. רייַבּן נאָכאַמאָל, צעטיילן (מיט די הענט אָדער מיט אַ מכשיר) אַ גאַנצקייט, אַ שטיק אויף גאָר קליינע טיילו. דזוו צעררייַבּן. א'" די קני, די אַרבּל. א, די קערנער. ,,מײַן בּעל־הבּיתטע...וויל מיך הײַנט מכבּד זײַן מיט ...א, גרייַפּלעך,,, ממוס, מסעות. 2. רייַבּן איבּער עפּעס, פֿון אויבּן, דזוו אָפּרייַבּן. אויך דחו אָנרייַבּן, דורכרייַבּן. א, קאַרטאָפֿל. א, די וועש. ,,דאָס מעסער פֿון אַ גוי (וואָס מע בּאַנוצט...נאָר צו קאַלטע זאַכן) זאָל מען עס א, און עס איז ריין,,, פּיעט, עבֿודה זרה, ה, יב. "ווען עס זײַנען געבּליבּן פֿלעקן [אויף זאַמשענע שיך] דאַרף מען זיי לײַכט א, מיט

א שטיקל זאַמדפּאַפּיר“, פֿאָר, 1964 III י 12.
3. איבּערטיילן רייַבּנדיק. א, אַ שטריקל.
4. (אָנ)רייַבּן אַ צאָל. א, אַלע נאַסע
שוועבּעלעך, בּיז מע קען פֿאַררייכערן. 5. מעט.
עסן מיט גוטן אַפּעטיט. א, אויף בּיידע
אַקן פֿון גרויס הונגער האָט יעדערער
גע. ,,
נומען אַ שטיקל בּרויט, אָנגעריבּן מיט קנאָבּל
און איבּערגעריבּן די ציין“, דער יוד, פֿאַר־פּסח,
וואַרשע 1881. מיט ז י ך אַ שוכבּענדל

האַט זיך איבּערגעריבּן ־ונג. ־עכץ.
.
־עניש.
איבּעררייד — דער, ־ן. 1. בּייזער (
היציקער) דורכשמועס מכּוח אַ קריוודע. שמועס
מיט טענות (מצד איין שמועסער אָדער
קעגנזײַטיק). האַבּן אַן א,. ,,האָט יעדן טאָג געהאַט
אַן א'...וועגן רוימען דאָס צימער,,, בּאַש,
נימפּל תּס. ,,ס'האָט אויסגעבּראָבּן צווישן זיי אַ
היציקער א,...וואָס איז איבּערגעגאַנגען אין אַן
ערנסטן צוזאַמענשטויס“, פּ. רודאָי, טמז,
X 1965 19. ,,ער האָט זיי דערציילט וועגן

אַן א, צווישן אַ בעל־עגלה און אַ גבֿיר,,,

איבֿעררײדן

ש. ביקל, צוק, פֿעבר, 1965. 2.
פּרעלימינאַרער שמועס. ,,געוועזן נאָר אַן א,, קיין אָפּמאַך האָט מען ניט געשלאָסן", רײד.
איבֿעררײדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איבֿעררײדן. ,,אַזו רעט גוט [= גאָט]: ביז קען וויא ל[אַ]נג...ווערט איר ליבן (פּתי) אובר רידונג", המ, משלי, א, 22. ,,אויף ווען טוסטו זיך דערהייבן צו זאָגן דו ווערסט אים מנצח זײַן מיט דײַן א,", סיפּודי מלחמות, וואַרשע 1863. ,,אויך האָט דער יצר־הרע זיבן נעמען, ווײַל ער נאַרט און מאַכט זינדיקן דעם מענטשן מיט זיבנערלײי א'ען , דרכי עולם והוא אוצר חיים, ווילנע 1866.
אי'בעררײדן — טרוו. רײד איבער, ~גערעדט.

לד. פּפֿ: ~רעדן. פּד, אוקר. 1. ריידן נאָכאַמאָל, ריידן אַ צאָל מאָל. איבּערחזרן. א, די זעלבּיקע זאַך. ,,וואָס מיר האָבּן בּײַנאַנד צו טאָן דאַרף איך דאָך ניט א', דאָס ווייסן מיר בּיידע,,, בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די שווערע צײַט, וואַרשע 1887. ,,האָט עטלעכע מאָל איבּערגערעדט, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן שענקען זיי עפּעס אַ מתּנה,,, שע, אידישע ראָמאַנען. ,,אַפֿילו די ענינים וואָס זײַנען ידוע און מפֿורסם אין חסידות, זאָל מען זיי א, כּמה פּעמים“, לדבּ, נ,,י 1957. *ניט איבּערגערעדט זאָל עס זײַן = עס זאָל ניט שאַטן קיין עין־הרע, קיין גוט־אויג.

2. ריידן מער ווי עמעצער אַן אַנדערער. ,,ער, אַז ער צערעדט זיך, וועט אים קיינער ניט א'“. ,,אַדוואָקאַטן...שטייען ניט אונטער מיר [= מיך] איבּערצוריידן“, ליאָנדאָך, נײַער בּש, ווילנע 1844. ,,איינער דער דריטער...האָט סוף־כּל־סוף איבּערגערעדט זיי אַלע,,, ממוס, ' בּישיבֿה של מטה'. ,,ער האָט ליבּ צו הערן...ריידן

 און ער מאַכט נישט דעם מינדסטן פּרווו... אונדז איבּערצוריידן“, רייד. א, אַ פֿאָלק סאָלדאַטן. ,,אַ מענה־לשון פֿון אַ ייִדענע, זי קען דאָך א, אַ טאָטער,,, פֿוול.

3. ריידן אַ סך, ריידן וועגן אַ צאָל זאַכן,
מענטשן. ריידן מיט אַ צאָל. „איך קען גאָר
אַזוי פֿיל נישט אַרויסזאָגן וואָס דו האָסט
דענסטמאָל איבערגערעדט„, ממוס, קליאַטשע.
„לייבציכע קען...זיך ניט צערײַסן...אַ
קאַטאָוועס עפּעס מיט אַזאַ עולם איבערצורעדן,
איטלעכן זאָגן אַ וואָרט„, ממו□ו, שלמה. *א, וואָס
אין דער קאָרט (אין קאָרט שטייט) =
באַריידן, אָנריידן.
4. נאָכריידן וואָס אַן אַנדערער האָט
געזאָגט. א, פּירושים וואָס מע האָט געהערט פֿון
רבין. א, וואָס מע הערט. א, רכילותלעך.
*זאָלסט עס פֿאַר קיינעם ניט א, = ניט
נאָכריידן, ניט אויסזאָגן. „מילא, עס איז ניטאָ
וואָס די נאַרישקייט איבערצורעדן, כ'לעבן“,
י. בודזאָהן, דער גלאָמפּישקער פּרנ[זידענט,
ווילנע 1927.
5. נאַכריידן און דערבײַ פֿאַרדרייען. „נאָך
דעם וואַסער נאָך האָבן די שפּאַניער גערופֿן
דאָס לאַנד בירו, און פֿון דעם איז עס צווישן
מענטשן איבערגערעדט געוואָרן און מע האָט
דאָס לאַנד אָנגעהויבן צו רופֿן פּערו„, חײַקל
הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817.

איבּעררײ־.ן

6. אײַנריידן צו טאָן דאָס וואָס איז פֿאַרווערט. „בײַא איין טייל לײַט קאַן דר יצר־הרע ניקשׂ אוישׂ ריכטן, דשׂ ער זי זאָלט איבּר רידן“, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. „אָבּעד וואָס קען זײַן פֿון אַזוינעם ווי איך, וואָס דער שׂכל האָט אים איבּערגערעדט

בּבּ 9־10], ווי די שלאַנג האָט איבּערגערעדט אונדזער מוטער חוהן„, ממוס, שטורעמצײַט.

„זי האָט געזאָגט אַז דער ייִד...האָט זי איבּערגערעדט זי זאָל צוגנבֿענען די האָסטיע„,

מ. אונגער, אַמעריקאַנער, 28 8 19 III. „ אַלפֿיאַלפֿים פֿון די יהודים האָבּן זיי איבּערגערעדט,

זיי זאָלן צושטיין צו זייער אמונה“, מעtה אומן.

7. אײַנריידן צו טאָן אַנדערש ווי מע וויל, ווי מע ריכט זיך, מע קלײַבּט זיך צו טאָן.

„האָסט מיך איבּערגערעדט, גאָט, און איך בּין איבּערגערעדט געוואָרן“, תּי, ירמיה, כ, 7.

„זאָלסט אַזוי ניט זאָגן וואָרעם דאָס איז פֿון דעם א, וואָס דער יצר־הרע רעדט דיך אָן כּדי ער זאָל דיך פֿויל מאַכן„, חה. „אַן אַגענט

מוז קענען פראַך, ד,,ה ער דאַרף קענען רעדן, צורעדן, אײַנרעדן, א, און פֿאַררעדן“, שע, מנחס־מענדל. ,,כ'האָב גאָטס וואָרט אין מיר דערפֿילט און געלאָזט מיך א'“, אַר, 'גאָטס וואָרט'. ,,די וועלט האָט זיך שוין איבערצײַגט אַז יידן פֿאַלט נישט אײַן איבערצוריידן אַ קריסטלעכע דינסט...זיך מגייר זײַן,,, קמ, 1864, .No 34

8 פֿאַרפֿירן. א אַ בתולה. ,,ווערשׂטו מײַן
. ,
זון קענן איבּר רידן...דז ער מיט דיר זנות טרײַבּט,,, עפּש, דרך הישר לעולס הבּא, פּפֿדמ תּמ,,ה (?). מ t פֿאַרטײַטשט 'וכי יפּתּה איש בּתולה, (שמות, כב, 15): ,,ער ווערט איבּר רידן,, [תּי. פֿאַרפֿירן].

 ,,

9. אײַנריידן צו טאָן עפּעס קעגן אייגענע אינטערעסן. אָפּנאַרן מיט רייד. א, ווי די שלאַנג חוהן. ער קען א אַ שטיין (אַ וואַנט,
,
אַ טויטן). ,,אַ נאַר רעדט, אָבּער לאָזט זיך א',,, שוו. ,,איינער זאָל ניט א, לײַט און זאָל זאָגן: מע האָט מיר געוואָלט אַזוי פֿיל געבּן

פֿאַר מײַן סחורה, און די סחורה איז אין
אמת ניט אַזוי פֿיל ווערט", ספֿר חסידים, תּק,,ז
(?). ,,ער וויל א' איבּערקליגן, מאַכנדיק אַ
פֿרומע מינע,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

1O. משפּיע זײַן מיט רייד. ווירקן אויף
אַ שׂכלדיקן אופֿן. א, עמעצן, ער זאָל
אָננעמען אונדזער שטאַנדפּונקט. ,,ער פֿלעגט אַלץ
אַרײַנצוגיין אין ייִשובֿ אַרײַן און פֿלעגט א,
מענטשן אַז זיי זאָלן נאָר גאָט בּ"ה דינען",
נחבֿ, 'מעשׂה מבּעל־תּפֿילה'. ,,זיי ריידן אים
איבּער מיט זייער מויל און זייער צונג...צו

אַן אַנדער מחשבֿה,,, לט2, כב/א.

11. האָבּן טענות. ,,איך וועל ניט לאָזן זיך
שפּײַען אין קאַשע, איך וועל די זאַך א, מיט
אים,,, רייד. *ניט א, אַ וואָרט = אויך: ניט
אַרויסזאָגן קיין שום טענה, אָפּלייקענונג אע.

12. אוטוו. בּאַרעדן. א, אויף אַלע
פּניהעיר. ,,האָט געשריגן און...האָט איבּערגערעדט
אויף אַלע רבּנים און אויף אַלע לומדים וואָס
זײַנען קיין חסידים ניט", יפּ.

13. שטילערהייט עפּעס זאָגן. צוגרייטן צו

אַ שלעכטער ידיעה פֿאַרן איבּערגעבּן זי. ,,
באַדאַרפֿט זיך זען פֿריִער מיט אים א',
פֿאַוואָ לינקע א', וואָלט ער, דער זיידע הייסט עס,
פֿאַוואָלינקע איבּערגערעדט מיט דער באַ ע,,,
שע, פֿונעס אַריד. 14. ווירקן מיט
שתּדי
לנות. אינטערווענירן. א, מיטן קנעפּל, מיט
נאַטשאַלסטווע.
15. זיך מיישבֿ זײַן. א, דעם ענין מ י ט
עמעצן. "בעסער איבּערצוריידן מ י ט דעם
דאָקטער און נאָך אַזעלכע", ממוס, פּריזיוו.
,,דערויף בין איך דאָך טאַקע געקומען צו
אײַך א'", שע, טביה. 16. אויך סתּם זיך
דורכשמועסן, אוטוו. ,,אַרײַנגעקומען...אויף א,
מכּוח די סעדוועטן און טישטעכער,,, בערג,
אָפּגאנג.
17. אַקוזוו. אויכריידן. אַרויסזאָגן. א, פֿאַר
אַן אייגענער מוטער. א, דאָס ביטערע האַרץ
ווי פֿאַר גאָט.
18. נאַרײַען, רעקאָמענדירן אַ צאָל. א,
פֿאַרשיידענע שידוכים. ,,מע האָט אים געהאַט
איבּערגערעדט הונדערטער כּלות, שיינע און

רײַכע“, ה. אַקערמאַן, טמז, 18 □ 1965 III. □ .
איבּעררײי'דן — [אַרויסרײד פֿון ײַ אין די
ווײַטערדיקע ציטאַטן אומזיכער: ע אָדער י □]
טרוו. איבּעררײי'ד, ~רע'דט. אַרכ. מײַ. ←
דפֿוו. צום בּ6: מלל פֿאַרטײַטשט 'הנחש
השׁ אַני, (בּראשית, ג, 11): „איבּר רעד„ [תּי:
י
„אָנגערעדט„]. „חוה האָט אירן מאַן איבּר
רעט דז ער האָט ריד גאָטשׂ איבּר פֿאַרן„,
בּראַנט. „זא אָנצינדן די ווײַבּר אויף דשׂ
אַליר וויניגשׂט צווייא ליכטר, דא ווײַל זייא דשׂ
ליכט פֿון דער וועלט האָט אוישׂ גילעשט, דשׂ
זיא דען גוטן אָדם הראשון איבּר רעט הוט“,
ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, ו/א. צום בּ7:
„אוב מיר אין קענטן איבּר רידן דז ער מכט
מיט אונז עשׂן אונ, טרינקן...„, מ. שערטילש,
ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, כ, 10. „דיא ווײַבּר
האבּן איין גרינגי דעה...זיא זײַן לײַכטליך
צו איבּר רידן„, מבּ, מעשׂה טז. „ער זא
לאַנג גיוווערט העט וגם דען שׂר איבּר רעט
זאָל קין בּ“י [= בּן ישׂראל] חוץ למקום
לאזין„, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669
[פֿש III]. „אַ פֿרוי (פֿרא) איז לײַכט צו
איבּעררעדן“, טענדלאַו, 733. צום בּ8: „ווען

איין מן איבּר רעט איין פּילציל די ניט איז
אַנשפּוזט און, ער ליגט מיט איר...,,, טח,
שמות, כב, 15. צום בּ9: ,,דער ליבּ לודיל
לישׂ זיך אובּר רידן,,, בּבֿא־בּוך, 28. ,,דא מיט
איבּר רידט ער דיא טאריכטי קוא, דאז זיא
אים אַלדא גלויבּט אַל זײַן ריד,,, ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686. ,,איין שקר נבֿיא אין מצרים
גיוועזן דער פֿיל פֿון ישׂראל דער צו איבּר
רעט,,, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית י□ראל
ובֿית הבּחידה, אַמשט 1724. צום בּ10: ,,איך
האבּ מיך לוסן איבּר רידן פֿון דיר...און,
גיהורשים גיוועזן צו דינן דיר“, מ. שערטילש,
ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, כ, 7. ,,דען קינג
איבּר רעט האבּן דיא זאַך צו טאָן“, יוסיפֿון,
אַמשט 1743.
איבּעררײדן זיך — ← איבּעררײדן. קזוו.
1. זיך דורכשמועסן. זיך איבּערשמועסן. זיך
א, פֿון הינטער אַ שפּאַניש ווענטל. זיך א,

איבּ□ררײַס

מיט אָ שכן. ,,דער הימל איז אַ גאָרטן, די
שטערן — בּלומען, און זיי ריידן זיך איבּער
ווי טויבּע מיט שטומע,,, איבּז, שלמה אבן

גבֿירול. 2. קריגן זיך, האָבּן אַן איבּעררייד.
פֿון דער צײַט וואָס מיר האָבּן בּיידע חתונה
,,
געהאַט, האָבּן מיר זיך קיינמאָל ניט אַ וואָרט
איבּערגערעדט, ער האָט קיינמאָל אויף מיר ניט
אָנגעשריִען ווי אַנדערע לײַטישע מאַנען טוען,,,
ראָם, די קלוגע מיידיל, ווילנע 1879. ,,ווען מײַן
מאַן האָט מיר געוואָלט געבּן אַ גט, האָבּן
מיר זיך בּיידע אויך אַ בּיסל איבּערגערעדט‘‘,
[ש. בּעקערמאַן7], בּינטשע די צדקתטע, וואַרשע
.1883

־עכ ן — ,,ער איז געוואָרן גערייצט יעדער
מאָל נאָך אַזאַ א',,, דלוזשנאָווסקי, פֿאָר,
27 XI 1964. ־עניש.
איבּעררייִדער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס רעדט איבּער. ספּעצ: 1. סtoבּ
פֿאַרטײַטשט 'שתּדלן, — ,,איבּר ריידר‘‘. 2.
אָנריידער צו טאָן שלעכטס. פֿאַרפֿירער. ,,און
ער ווערט אָנגערופֿן אויף אונדזער לשון אַ
פֿאַלשער און אַ האָפֿערדיקער פֿאַרפֿירער און
—
...
אַן א''‘, חה, ב. 3. פּראָפּאַגאַנדיסט,
אַגיטאַ

טאָר פֿון פֿרעמד געקומענע אַגיטאַטאָרס וואָס
,, .
די ווײַבער האָבן אַ נאָמען געגעבן א'ס“, ש.
סײמאָן, טמז, 13 XI 1953. ־יש — אַדי.
־ערײַ — ,,האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ
שטילע א, צווישן צוויי פֿון דער גרופּע“, אַלמי,
פֿאַש, 18 1950 III.

א בעררײַזן — טרוו. רײַז איבער, ~גערײַזט.
דורכמאַכן אַ נסיעה איבער אַ צאָל ערטער.
דזוו אויסרײַזן (←). א, אַ האַלבע וועלט.
איבעררײַטן — רײַט איבער, ~געריטן.
אַקוזוו — אַ לענגערע צײַט רײַטן, איבער אַ
צאָל ערטער. א, די סטעזשקעס צווישן די
פֿעלדער. טרוו   אַריבעררײַטן; אַרויפֿרײַטן.

א, דעם פּאַרקן, דעם באַריער. א, די אייגענע
פּאָזיציע און אַרײַנפֿאַלן צום שׂונא. ,,און, האָט
מיט זײַן פֿערד אים איבר ריטן [אַרכ —
אי בעררײַ'טן] און, אים גטיט“, שאַר, לבֿ. אויך
מיט ז י ך — סתּם אַזוי, אַ ביסל.
איבעררייכערן — טרוו. ־ער איבער, ~
גערייכערט. אויך: ~רויכערן. 1. נאָכאַמאָל,

ווידער אָדער אַנדערש באַאַרבעטן מיט רויך.
א אַ האַלבּ־רוי זײַטל שעפּסנפֿלייש. 2.
רוי,
כערן, רייכערן איבּער דער מאָס. א, פֿלייש.
3. (אויס)רייכערן אַ צאָל. א, צוואַנציק
פּאַפּיראָסן אַ טאָג. אויך מיט ז י ך — 1.
אויפֿהערן זיד רייכערן. 2. צו פֿיל רייכערן. א,
זיך און אָנהייבּן הוסטן.
איבּעררייניקן — טרוו. ־ניק איבּער, ~
גערייניקט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש
רייניקן. א, אַ שטובּ (הויף) וואָס מע האָט ניט
גענוג גוט גערייניקט. א, די פּאַרטיי פֿון
ניט־פֿאַרלאָזלעכע עלעמענטן. 2. רייניקן אַ
צאָל, אַ סך. מיט ז י ך. —ונג.
איבּעררײַס — דער, ־ן. אַקט און רעזולטאַט
פֿון איבּעררײַסן פֿרגל איבּעררייס. 1. הפֿסקה,
.
פּאַוזע. אַן א, אין די קלאַסן אַלע דרײַ־פֿערטל
שעה. אַן א, אין ד ר אַרבּעט פֿאַר דער
מיטאָג־שעה. אַן א, אין אַ שפּיל. לערנען אָן אַן

איבּעררײַסיק

א'. „אין די א'ן זײַנען [ז] אַרומגעלאָפֿן בײַ

די אַרבעטער...צונויפֿנעמען מיינונגען וועגן דער סטאַנציע“, א. קאַהאַן, אינזשעניערן, קיִעוו 1932.
2. לענגערער אָפּשטעל (אין אַן אַרבעט, אין טאָן עפּעס). לענגערע צווישנצײַט. „נאָך אַ היפּשלעכן א, האָט מיך ווידער אַ צי געטאָן צו מײַן טאָגבוך“, ט. גען, סאָוו, היימלאַנד, 6 1963, No פֿון [16. י“ה אָן] געפֿינען זיי

„.
זיך — מיט אַ קליינעם א, — אין טערקישע הענט„, זשיט IX, נ“י 3 .1919. אויפֿהער אָדער איבערשפּרונג אין צײַט. אַן א, אין צושטעלן פּראָדוקטן. אַן א, אין דער קאָרעספּאָנדענץ. „נאָך אַן א, פֿון צען יאָר האָט ער ווידער אַרויסגעגעבן אַ בוך„, רייד פֿערציק

„.
יאָר ווי דער קאָלום דערשײַנט יעדן טאָג...אָן אָפּרו און אָן א'“, בצג, טמז, 20 1964 XII.
4. איבערשפּרונג אין שטח. אַן א, אין אַ ליניע. „נאָר מיט עטלעכע א'ן איז די גרענעץ לענג־אויס דעם טײַך“, רייד. 5. ריס. צערײַסונג. אַן א, אין די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען. „אינטואיציע איז אַלצדינג, אינטעלעקט איז זייער ווייניק, און דאָס באַטײַט...א, מיט דער גאַנצער פֿילאָסאָפֿיע פֿונעם 19. י„ה“,

קאָך I. א,־אַ פּ אַ ר אַ ט, א'־מ ע כ אַ נ י ז ם — אַפּאַראַט וואָס שטעלט אָפּ אויטאָמאַטיש דעם עלעקטרישן שטראָם אָדער יעדער אַנדערן צושטראָם פֿון ענערגיע.

איבּעררײַס ? יק, ־לעך — אַדי. וואָס מע קען איבּעררײַסן. א'יקע קייט. (מאַט) א'לעכע פֿונקציע. ־(י)קייט.

איבּעררײַסן — טרוו. רײַס איבּער, ~געריסן.

1. מיט כּוח צעטיילן אויף צוויי אָדער מער חלקים. א, דעם שטריק, א, דעם בויגן פּאַפּיר אע. אַ קייט ניט איבּערצורײַסן. פֿיג. אַ קנעכטשאַפֿט ניט איבּערצורײַסן (←. בּ9). שטאַרק ניט איבּערצורײַסן. ,,אַ גרויסן שטריק פֿון אַ שיף, אַז מע ניצט אים אַ לאַנגע צײַט, ווערט ער אַלעמאָל...דינער בּיזוואַנען ער ווערט איבּערגעריסן'', חה, ב, קלו. פֿיג. ,,פֿון ערגעץ אַ האַנט זיך געגעבּן אַ שטרעק, אַ פֿליק געטאָן איבּער די כמאַרעס און איבּערגעריסן די נאַכט מיט אַ בּליץ,,, הר, לייס. *א אַלע פּ ע ד ע ם

,

= ניט האָבּן מער צו טאָן, ניט האָבּן קיין עסקים, בּאַציאונגען מיט עטעצן אָדער עפּעס. ,,ווען ער וועט פֿאַרלאָזן פּוילן, רײַסט ער איבּער אַלע פֿעדעם, דערוויַטערט זיך פֿון אַ לעבּן,

פֿול מיט ספֿקות,,, אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אויך: א, דעם ק ש ר, די בּינדונג. 2. רײַסן
אַ צאָל, אַ סך. א אַלע צײַטיקע עפּל אין
,
גאָרטן. 3. דורכרײַסן, דורכבּרעכן. א, די
פֿאַרצאַמונג. א, די קייט פֿון די פּאָליציסטן
און זיך צעלויפֿן.
4. אָפּשטעלן אויף אַ קורצער צײַט, מפֿסיק
זײַן. א, אַ שמועס ווען אַ זײַטיקער קומט אַרײַן. א
א, די שפּיל. א, די זיצונג. ניט א, עמעצן
וואָס האַלט אין לערנען. ,,בּײַ די ווערטער קומט
אָן...און זייער שמועס ווערט איבּערגעריסן אין
מיטן", שע, אין שטורעס. ,,בּײַ...דעם
שנײַדער...האָט מען אויף אַ פּאָר מינוט
איבּערגעריסן די אַרבּעט,,, בּערג, בּײַם דניעפּער I. ,,מע
דאַרף א, [דאָס לערנען] צו לייענען קריאת־שמע,

1()12

אָבּער מע דאַרף ניט א, צו דאַוונען", פּיעט,
שבּת ט/ב. אויך פֿיג. א, די שטילקייט מיט
א שאָס פֿײַף, געשריי אע. 5. מאַכן עס
— ,

זאָל אויפֿהערן, אָפּשטעלן אויף אַ לאַנגער
צײַט, אויף שטענדיק. א, דאָס לערנען און
קומען אַהיים. א, דיפּלאָמאַטישע באַציִאונגען.
פּלוצעם א אַן אָפּיציעלן באַזוך און אַוועקפֿאָרן.

,

, די קאָרעספּאָנדענץ. א, דעם צושטעל פֿון
פּראָוויאַנט. א, דעם פֿלי איבער טעכנישע
סיבות. א, די אימיגראַציע. ,,די קאָמיסיע...
אויסצואַרבעטן דאָס נײַע געזעץ...אין פּוילן...האָט
איבערגעריסן איר אַרבעט,,, פּדץ, נעדאַנקען
און אידייע .

6. שטערן אין סאַמע מיטן פֿון עפּעס. א,
דעם מגידס דרשה. א, דעם טעלעפֿאָנישן שמועס.
א אַ זיסן חלום. ,,האָט אַ פֿראַגע...דעם
יונגנ,

מאַנס צעשטרייטע געדאַנקען איבערגעריסן,,,
ווײַס I, ,איינער אַ מענטש,. ,,[אָנקומען און]
שווײַגנדיק דיר א, דאָס שפּינען פֿון דײַן
אייגענער נשמה,,, יהואָש, ,זומערנאַכט'. ,,
איבערגעריסן האָט איר חנהס ברייטער 'גוט־שבת'“,
אַר. ,,[זײַן] וויזיט האָט איבערגעריסן מײַנע
מחשבֿות,,, ממוס, שלמה. קען איך זײַן לטובֿת
עמעצן אָדער עפּעס. א, מיט שטורעמדיקע

אַפּלאָדיסמענטן. 7. אָנהייבן אומגעריכט צו
ריידן, צו זאָגן עפּעס, ווען מע רעדט אָדער
מע שווײַגט. א, דעם רעדנער מיט אַ פֿראַגע.
,,בולבע איז איצט אויך בײַ אונדז זייער
טײַער געוואָרן, — האָט [ער] מיט אַ זיפֿץ
איבערגעריסן‘‘, אַר, 'ראָטשילד און
ראָקפֿעלער'. א, דאָס אייגענע שווײַגן.

8. בטל מאַכן. צעשטערן. ,,אָפּברעכן‘‘, ,,
איבערברעכן‘‘. ,,דאָס אײַנשפּריצן יאָד אין
הייבמוטער...צו פֿאַרהיטן אָדער א, די
שוואַנגערשאַפֿט,, פֿגעז, ווילנע 23 l931, No. א אַ

,

לאַנגיאָריקע פֿרײַנדשאַפֿט. א, אונדזער
נאַציאָנאַלן המשך. א, די געדריקטע שטימונג מיט
אָנהייבן זינגען אַ ליד.

9. צערײַסן. (← ב1). ,,צוויי הינט קומען
אַרײַן און רײַסן אים איבער אויף צוויי
שטיקער,,, ל. יאָסעלאָוויץ, ר, עזריאל..., געtיכטע
פֿון ר, זונדל חסיד, ווילנע l892. *א,
עמעצנס לעבן = אים טייטן. ,,ניט נאָר פּײַניקן אים,
נאָר אַפֿילו א, זײַן לעבן,,, פֿאָר, 2 l964 XII.

1o. אוטוו. אויפֿהערן האָבן צו טאָן מיט
עמעצן אָדער עפּעס. ניט ווען האָבן מער
קיין שײַכות צו עמעצן אָדער עפּעס. א, מ י ט

אַ פֿרײַנד, א, מיט אַ געליבטן. א, מיט אַלע
מענטשן און זיך פֿאַררוקן אין אַ ווינקל. א,
מיטן אייגענעם עבֿר, מיט די אַלטע פּירונגען.
א, מיט דער וועלט. א, מיט אַלץ אין וואָס
מען איז ביז איצט געווען פֿאַראינטערעסירט.
11. אוטוו. פֿאַרלאַנגען מער ווי עס איז
ווערט. א, מער א ו י פֿ ן פּרײַז.
יבערערײַסן זיך — ← דפּוו. 1. אָן אַ
קאָנטיקער סיבה אָדער אָן אָנווײַז אויף אַ סיבה
צעטיילט ווערן אין צווייען, צעריסן ווערן.
אָפּרײַסן זיך. „אַ פֿעסטער שטריק רײַסט זיך
אויך איבער„, שוו. „אָט־אָט רײַסט זיך איבער
די לעצטע האָר אין וועלכער ער האַלט זיך
אָן“, ממו, ווינטשפּ. „אַמאָל איז זײַן מוטער
געגאַנגען אין הוי, האָט זיך איבערגעריסן

איבעררייצן

אירע שיך„, לט2, עט ב. „דאָ האָט זיו
איבערגעריסן דער פֿאָדעם פֿון זײַנע אַלע
האָפֿענונגען מיט איין מאָל„, ג. ח. לעוונער,
די פֿאַלשע חתן־כּלה, ווילנע 1897. *די כּוחות
רײַסן זיך איבער = ניטאָ מער קיין כּוחות

עפּעס צו טאָן.
2. זיך אָפּשטעלן. „ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דאָס לערנען האָט זיך איבּערגעריסן,„ פּרץ, 'ווי אַזוי די וואַלד־ישיבֿה איז בּטל געוואָרן'. „דער עולם איז פֿאַרקאָכט צווישן זיך. פּלוצלינג האָט זיך דאָס אַלץ ווי איבּערגעריסן“, ווײַס, אַ שטעטל. „בּיז יעצט האָט זיו דיזער שטראָם [פֿון קראַנקע] אויף אַ רגע נישט איבּערגעריסן,„ א. ז., אַ ווידוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע ▯(19.
3. אויפֿהערן זײַן (מחמת אַ ריס). די בּאַציאונגען צווישן זיי ווען בּאַלד זיך א'. „מיט דעם בּן־יחיד וואָס איז אַוועק לתּרבּות רעה האָט זיך איבּערגעריסן די ראַבּיסטווע אין דעם צדיקס משפּחה,„ רייד. 4. געשטערט ווערו. „די שטיל־שווײַגונג האָט זיך איבּערגעריסן דורך אַ שווערן זיפֿץ“, גאָדיל קערשינקאָרין, דער טיראַנישער פּעטער, וואַרשע 1886. „זעלטן ווען האָט זיך דאָ אין חדר די שטילקייט איבּערגעריסן,„ בּערג, נאָך אַלעמען.
5. צו הויך (שלעכט) זינגען, שרײַען (בּיז די שטים פֿאַרהאַקט זיו). שרײַען און א, זיך. א, זיך דעם גאָרגל, דעם האַלדז, די גלאָטקע. א, זיך די קישקעס שרײַענדיק. „אַ

ייִדענע אין געסל קראַצט זיך און הערט ווי
שאולקע זינגט און רײַסט זיך איבֿער״, בֿערג,
אָפּגאַנג. 6. זיך קריגן. א, זיך מיט אַ וועלט
פֿאַר גאָרניט.
־ונג. ־עכץ. ־עניש — טאָן עפּעס
מיט א'ן.
איבֿעררײַסער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס רײַסט איבֿער, מיט אַלע בבֿ. אויך:
אַפּאַראַט, מכשיר. עלעקטרישער א, —
אַפּאַראַט אָפּצושטעלן (איבֿערצורײַסן) עלעקטרישן
שטראָם. ־ערײַ. ־יש — אַדי.
איבֿעררייען — טרוו. ריי איבֿער, ~געריית.
איבֿערשטעלן די רייען. א, די קינדער איידער
מע לאָזט זיך אַרויס אויפֿן שפּאַציר.
איבֿעררייען זיך — רייע זיך איבֿער, זיך
~גערייעט. מג, מיטן־גאַליציע. איבֿערראָיען
זיך. איבֿערפּאַטשקען זיך, איבֿערבֿרודיקן זיך.
א, זיך אין בלאָטעס.
איבֿעררײַף; — אַדי. דטשמ. אויך: ~ריי□ ;.
וואָס איז צו רײַף, צײַטיק איבֿער דער מאָס.
א'ע געדאַנקען. אַן א'ע לויט אירע יאָרן.
□ קייט.

איבּעררייסן טרוו. רייף איבּער, ~גערייפּט.
1. איבּערלייגן רייפֿן. א, די פֿעסלעך. 2.
אויסרייפֿן אַ צאָל, אַ סך. א, אַלע פֿעסער אין איין
טאָג. ־ער.
אי'בּעררייצן — טרוו. רייץ איבּער, ~
גערייצט. ווידער, שטאַרק אָנרייצן, צערייצן (אַ
צאָל). א, די חדר־ייִנגלעך: געשמיסענער ת...
מיט ז י ך — א, זיך מ י ט די הינט אין
דאָרף.

איבּעררייצן
איבּעררײי'צן — טרוו. איבּעררײי'ץ, ~רייי'צט.
אָרכ. ← דפֿוו. „דער יצר־הרע דען בּ„א [=
בּן־אָדם] איבּר רייצט האָט. ער איז איין מלאו
און, דער בּ„א איז גאַר איין בּ“ו [= בּשׂר
ודם]“, אַריה ליב בּר, יהודה זעליגון, תּקוני
מועדים, פֿיורדא 1725.
איבּעררייַשן — טרוו. רייש איבּער, ~
גערייַשט. פֿד. איבּערפֿרעגלען (מיט אַ ציבּעלע).
־עכץ.
איבּעררײיכטונגיש — אַדי. נעאָל. וואָס איז
מער ווי פֿון איין ריכטונג, וואָס איז כּולל

אַ צאָל ריכטונגען. „די שול זאָל געהערן צו
איין־איינציקער איבערפּאַרטייאישער, א'ער
ליגע„, ימ, קוד, 1938.
איבעררי'כטן — טרוו. איבעררי'כט, ~
ריכט(עט). אַרכ. (אָפּיציע) איבעוגעבן. „ער זאָל
...אלי די אַקטי של משפּט...איבּר זעהן אונ,
דעתּו למלכות צו איבּר ריכטן„, 'כּ„י וועגן
מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III].
איבעררימען — טרוו. רים איבער, ~גערימט.
איבערלויבן. רימען איבער דער מאָס אָדער
אַ צאָל. א אַלע בּני־משפּחה. א, דעם מאָלער.
מיט ז י ד. ־עכץ. ־עניש.
איבעררימפּלען — טרוו. ־פּל איבער, ~
געוימפּלט. שלעכט, גרילציק איבערשפּילן. א,
די זעלביקע לידער אויף אַ צעשפּאָלטענער פּידל.
־עכץ. ־עניש. ־ער.
איבעררינען — אוטוו. רין איבער, בּ י ן &
ה אָ ב ~גערונען. רינען איבערן בּרעג (פֿון
אַ כּלי וואָס איז פֿול). „דאָס פֿעסל אונטער
דער רינווע רינט איבער נאָך דעם גרויסן רעגן“.
„ווען עסנוואַרג רינט איבער אין דער
בּראָטרער...„„ פֿאָר, 19 1965 II. פֿיג. דאָס גליק,
די שפֿע רינט איבער.

איבּעררים — דער, ־ן. דזוו איבּעררײַס (מיט
אַ קלײנעם אונטערשייד אין ניואַנס:
איבּעררײַס אַקצענטירט מער דעם אַקט, א, — דעם
רעזולטאַט). "קיין איין פֿאַלשער טאָן, קיין
בּראָך און ריס, נאָר איבּערבּראָך, א',,, מוק,
טעאַטער און ייִדיש טעאַטער.

איבּ􏰀רריסעווען — טרוו. ־סעווע איבּער,
~גערריסעוועט. סל. איבּערמאָלן.
איבּערצייכענען. א, דעם פּלאַן פֿון געבּײַדע. א, אַ בּילד.

איבּערר􏰀ען — טרוו. ריִע איבּער, ~געריִעט.
דזוו איבּערגראָבּן, איבּערראָיען. איבּערזוכן.
א􏰀יו מיט ז י ך.

איבּעררײפּען — טרוו. ־פּע איבּער, ~
גערײפּעט. 1. דזוו איבּעררימפּלען. 2.
איבּעררײַסן, איבּערדריבּלען. א, וואָס מע האָט
אויסגעשטיקט. ־עניש.

איבּעררירן — טרוו. ריר איבּער, ~גערירט.
1. איבּערטאַפּן. א, די פּאָרצעלײַענע
סטאַטועטקעס. א, די גאַנצע קראָם און גאָרניט
קויפֿן. 2. רירן פֿון אָרט אַ צאָל זאַכן. א, אוו
איבּערשטעלן דאָס גאַנצע מעבּל. אויך מיט ז י ך.
־עכץ. ־עניש.

אי'בּעררעאַ'ל — אַדי. וואָס איז העכער,

מער ווי רעאַל. וואָס מע קען ניט משׂיג זײַן
מיט די חושים. „...פֿאָדערט געשטאַלטן און

1()13

סימבאָלן פֿון אויסערגעוויינלעכע און א'ע
דימענסיעס“, שנ, ה. לייוויק. ־קייט.
איבערגעגולירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־
רעגולירט. אײַנשטעלן באַנײַס, אויף אַן
אַנדער אופֿן נאָרמעס, כּללים, פֿאָרמען פֿון
אויפֿפֿיר אע. א, דעם מעכאַניזם. א, די באַציאונגען
צווישן די אַמטן. א, שׂכירות, אַרבעט־
באַדינגונגען. ־ונג — „אַן א, על־פּי אַ נײַעם
פּרינציפּ“, מוו, ייִבל XI־I.
איבעררעגיסטרירן — טרוו. ־טריר איבער,
~רעגיסטרירט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער
אַנדערש רעגיסטרירן. א, די כּתבֿ־ידן פֿון
אַרכיוו. א, עמעצן אין דער פּאָליציי. 2.
רעגיסטרירן אַ צאָל, אַ סך. א, די וויילערס. מיט
ז י ך. ־ונג.
איבעררעגירן — אוטוו. ־גיר איבער, ~
רעגירט. קיניגן, הערשן אַ לענגערע צײַט,
איבער אַ צאָל (מדינות). א, איבערן לאַנד
פֿערציק יאָר.

איבּעררעגענען — אוטוו, אומפּ. רעגנט
איבּער, ~גערעגנט. 1. רעגענען אַ לענגערע
צײַט, כּסדר. עס האָט איבּערגערעגנט גאַנצע צוויי
מעת־לעת. 2. אויפֿהערן רעגענען. „ס'האָט
שוין איבּערגערעגנט, מיר קענען גיין,„ רייד.
איבּעררעדאַ־גיר־/ ־קטירן — טרוו. ־גיר,
־קטיר איבּער, ~(גע)רעדאַגירט, ־קטירט.
1. נאָכאַמאָל, ווידער אָדער אויף אַן אַנדער
אופֿן (בּעסער) דורכפֿירן די אַרבּעט פֿון אַ
רעדאַקטאָר. א, דעם מאַנוסקריפּט. 2.
רעדאַגירן אַ צאָל. א אַלע אַרטיקלען. ־גירט,
,
־קטירט — פּאַר & אַדי. ־גירטע בּיכער.
„נוסחאות, רעווידירטע...און '~רעדאַקטירטע,
פֿון די איבּערשרײַבּער“, בּ. ריווקין, צוק, מאַרץ
1936. ־גירונג. ־קטירונג. ־גירעד.
איבּעררעדלען — טרוו. ־דל איבּער, ~
גערעדלט. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש אָדער אַ סך
אויסרעדלען (←). א, מצה. א', ווײַל ס'איז
געווען אַ פֿאַלשער טעלעפֿאָן־נומער. 2.
אַריבּערבּרענגען, אַריבּערפֿירן מיט אַ ראָד, רעדל
(וועגעלע אע). „נעם דאָס צוויירעדל און רעדל
דאָס פּעקל איבּער צום פֿעטער,„ רייד. אויך
מיט ז י ך.

איבּעררעדן — [קורצע ע] רעד איבּער, ~
גערעדט. פּד, אוקר. ←. איבּעררײדן (זיו). אַזוי
אויך אַלע אָפּשטאַמיקע פֿון שורש 'רעד'. למשל:
„אָט די אשה...אַ ייִדענע מיט אַ ייִדענעס שׂכל
...און דאָך פֿאַרשטייט זי...ווי אַזוי אים, וואָס
שמט פֿאַר אַ שאַרפֿן קאָפּ...צו א, ווי דלילה
שמשונען„, שמעון האָראַנטשיק, 'גאָטס משפּט'.
איבּעררעווידירן — טרוו. ־דיר איבּער, ~(גע)־
רעווידירט. 1. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש
(גרינטלעכער) דורכפֿירן אַ רעוויזיע.
איבּערקאָנטראָלירן (ווײַל פֿאַראַן אַ חשד אַז עפּעס
איז פֿאַלש). „איר קאָנט בײַ מיר זוכן...מע
האָט איבּערגערעווידירט די גאַנצע הויז“, אי“ם
אויס מינסק [א. סאַפּיר], דער קליינער
קאַטערזניק, ווילנע 1883. „עפּעס דאַרף [דער ייִד]
אין זיך, אין זײַן שטוב, אין זײַן אַרום א',
איבּעראָריענטירן“, הל, טאָג, 2 .13 1951 I.
רעווידירן אַ צאָל, אָ סך מאָל. א, די באַטײליקטע

איבּעררעכענען

אין דער דעמאָנסטראַציע. 3. איבּערקוקן,
איבּערפֿאָרשן, איבּערשטודירן. א אַ טעאָריע, אַן
,

עקספּערימענט. ־ונג.
איבּעררעוועז — אוטוו. ־ווע איבּער, ~
גערעוועט. רעווען אַ לענגערע צײַט. א, אַ
גאַנצע נאַכט און ניט לאָזן שלאָפֿן.
איבּעררעזשיסירן — טרוו. ־סיר איבּער,
~(גע)רעזשיסירט. פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער
אופֿן רעזשיסירן. „געקומען אַ נײַער
רעזשיסאָר און גענומען א, די גאַנצע פּיעסע„, רייד.
איבּעררעטושירן — טרוו. ־שיר איבּער,
~(גע)רעטושירט. פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער
אופֿן רעטושירן (אַ צאָל). א, די פֿאָטאָגראַפֿיעס.
־ונג.
איבּעררעכענונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבּעררעכענען. „וואָס דו
פֿאַרלאַנגסט איז זייער וויכטיק און פֿאָדערט אַ
דויעריקע א'", ל. לעווי־ו, רפֿאל דעם
שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. „די אַלע א'ען
זײַנען אים איצט גאָר אין קאָפּ ניט געקראָכן",
י. ל. סטרינסקי, נײַעם פֿון יע־ער וועלט, ווילנע
1896. „אַ סובּסטאַנטיוו נאָך אַ סובּסטאַנטיוו
אָן שום מחיצה פֿון אַן אַרטיקל,
פּרעפּאָזיציע אאַזוו קען קומען בלויז בײַ אַן א, ('זי
האָט אײַנגעקויפֿט קרויט, מערן, ציבּעלעס, עפּל
און פֿלוימען') אָדער בײַ אַ פּאַראַלעליזם („אַזוי

טראַכטן נאָר באַנקקוועטשערס בטלנים,)“, ימ,
יישפּ X I, 3.
איבּעררעכענעכץ — דאָס, ־ן. ל2. איבּער
רעכענונג. איבּעררעכעניש (אויך מיט בּײַטעם
פֿון ביטול).
איבּעררעכענען — טרוו. רעכן איבּער, ~
גערעכנט. 1. אויסרעכענען נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ.
א, פֿון אָנהייבּ אָן. א, אויף די פֿינגער. א,
אין קאָפּ. ,,נעמט אונדזערע קינות, אונדזערע
טרויעריקע סליחות — די אייגענע צרות...די
אייגענע געבּרענטע־געבּראָטענע לײַד —
צװואָס זיי א , איבּערזאָגן,,, ממוס, אַסיפֿות'.
,
,,מיר האָבּן צו פֿיל ווערטער פֿאַר חשבּונען.
חשבּונען אַליין איז צו ווייניק...האָבּן מיר
רעכענען, א', אויסרעכענען, דורכרעכענען,
באַרעכענען, אָפּרעכענען, אויפֿרעכענען,
אָנרעכענען און צורעכענען,,, דער לעבּעדיקער, פֿאַש,
5 1952 I.
2. אויסרעכענען אַ צאָל פֿאַלן, אויסרעכענען
לויט אַ סדר. א, אין סדר פֿון א“בּ אַלע
תּנאָים און אַמוראָים. ,,איבּערגערעכנט אין
געדאַנק אַלע ערטער וואו ער קען איצט זײַן“,

פמ, איינס אויף איינס. „זענען די ייִדן נתפּייס
געוואָרן [פֿון דעם וואָס משה רבינו] האָט אַלעס

איבערגערעכנט„, איבז, תּנחומא, שמות, וואַר
שע תּרמ„ו. „די צאָל פֿאַלן איז צו גרויס
אַז מע זאָל דאָ קענען אָדער דאַרפֿן זיי א'“,
ימ, ייִשפּ IX.
3. איבערקאָנטראָלירן. א, די חשבונות. „אַזאַ
פֿאַרמאַכטע האַנט, ער וועט דאָך צוואַנציק מאָל
א, איידער מע קען זען פֿון אים אַ גראָשן“,
רייד. „ווער קען א, דעם שאָדן אָדער דאָס
גוטס, וואָס אַ נײַע אידייע קען ברענגען מיט
זיך?“, פּרץ, 'שמאי ראָטמאַן'. 4.
אויסדערציילן. אויסרעכענען. „מיר האָבן אַלץ איבער

איבעררעכענען זיך

גערעכנט. אין דעם צווייטן ווערק וועלן מיר
אי„ה אַלץ ריכטיק ערקלערן“, שמו פלאי,
ספֿר האמת והשלום, לעמבערג 1893. „ער
נעמט מיר א, די מעלות פֿון אַזאַ
וואוינונגסמאַסיוו„, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No.
5. באַקלערן, ערנסט נאָכטראַכטן.
איבערקלערן, איבערטראַכטן. א, אַן ענין.

איבערמעסטן און א, יעדן טראָט, יעדע באַוועגונג.
„דו זאָלסט מיט דײַן זײַל א, די ענינים פֿון
די תּפֿילות„, חה, ב, רלבּ. 6. רעכענען מער,
פֿאַרלאַנגען אַ צו הויכן פּרײַז. א, דעם פּרײַז
בײַם פֿאַרקויפֿן. א, די קונדן [דאַטיוו] א ו י ף
אַלע אַרטיקלען. „אַרעסטירן אַ [פֿאַרקויפֿער
וואָס רעכנט איבער געלט אַ [קונ]“, פֿאָר,
30 XII 1964. „האָבן...שכנים צוריקגעקראָגן
...וואָס 'לענדלאָרדס, האָבן זיי איבערגערעכנט“,
טמז, 5 19 ו 11.
איבעררעכענען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. זיך מיישבֿ זײַן. זיך באַטראַכטן. מאַכן
זיך אַ דין־וחשבון, אַ חשבון־הנפֿש. זיך א,
צו טאָן אַנדערש. „צום ווייניקסטנס מוז דער
מענטש אַלע חודש זיך א, און זאָל זען ווי
זײַן משׂא־ומתּן פֿאַר אַ באַשטאַנד האָט„, עש,
עץ חיים, קיצור של“ה. „דער מענטש דאַרף

עפּטערס זיך צו א, מיט זײַן נפֿש דאָס
רוממות וגדלות הבורא ב“ה„, ר, יצחק
האַמבורגער איבז, פּלא יועץ, ווילנע 1898. „טו
ווי דו פֿאַרשטייסט, נאָר רעכן זיך איבער אויב

עס איז כּדאַי‟, ש. בּ. [ש. בּעקערמאַן], די גוטע פּרויא, ווילנע. 2. איבּערקאָנטראָלירן פּאַר זיך. „ווען דער נכרי האַט זיך אַליין טועה געווען, זאָלסטו אים זאָגן...דער נכרי וועט זיך א, — קאָן אַ חילול־השם אַרויסקומען‟, ספּר חסידים, תּק„ז?. 3. זיך פּאַררעכענען. א, זיך אויף אַ גאַנצן הונדערטער. „בּײַם בּילאַנץ־רעכענונג רעכנט ער זיך איבּער„, ספּר שבֿחי רמ„ל, לעמבּערג. ־עניש. ־ער.

איבּעררעמאָנטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~(גע)רעמאָנטירט. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש רעמאָנטירן. א, דאָס גאַנצע הויז. ־ונג.

איבּעררעמ(ל)ען — טרוו. רעם (־מל) איבּער, ~גערעמ(ל)ט. איבּערשטעלן אין אַן אַנדער רעם (רעמל). איבּערראַמען. א, די פּאָטאָגראַפּיעס פּון די עלטערן.

איבּעררעפּעטירן — טרוו. ־טיר איבּער, ~(גע)רעפּעטירט. ווידע▯ אויף אַן אַנדער אופן רעפּעטירן. א, די סצענע עטלעכע מאָל. ־ונג.

▯

איבּעררעסאָרמירן — טרוו. ־מיר אי□ער,
~(גע)רעפֿאָרמירט. ווידער, אַנדערש
רעפֿאָרמירן. א, בּאַנײַס די גאַנצע שולסיסטעם. א, די
יוגנטלעכע פֿאַרבּרעכערס. מיט ז י ך. ־ו□נ□.
איבּעררעצענזירן — טרוו. ־זיר איבּער, ~
רעצענזירט. רעצענזירן אַ צאָל, אַ סך. א, אַלע
בּיכער אויף געשיכטע פֿון די לעצטע פֿאָר יאָר.
איבּעררעקאָמענדירן — טרוו. ־דיר איבּער,
~רעקאָמענדירט. 1. געבּן רעקאָמענדאַציעס צו
אַ צאָל אָדער אין אַ צאָל אַמטן. א, דעם
זעלבּיקן קאַנדידאַט פֿאַר אַלע שטעלן. 2.
רעקאָמענדירן מיט מער לויב ווי מע פֿאַרדינט.

1()14

א, עמעצן און דערנאָך חרטה האָבּן. אויו מיט
ז י ך.
איבּעררעקאָרדירן — טרוו. ־דיר איבּער,
~רעקאָרדירט. נאָכאַמאָל, ווידער, אַנדערש
רעקאָרדירן. א, אַ פּאָפּולער ליד. א, דעם וויכּוח
און דורכלאָזן די איבּעריקע רייד. ־ונג.
איבּעררעקווירזירן — טרוו. ־זיר איבּער,
~רעקוויזירט. נאָכאַמאָל רעקוויזירן,

אַוועקנעמען. א, בײַ דעם זעלבן קרעמער דאָס לעצטע ביסל סחורה. ־ונג.

איבעררעקלאַמירן — טרוו. ־מיר איבער, ~רעקלאַמירט. 1. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן רעקלאַמירן, מאַכן באַקאַנט. א אַ וואונדער־מעדיצין. א אַן אַרונטערגערי, סענע פּיעסע. 2. צו פֿיל, איבער דער מאָס רעקלאַמירן. א, אַ שוואַך בוך. א, אַ זינגער. ־דונג.

איבעררעשט — דער, ־ן. 1. עודף. ניט געבליבן קיין א'. 2. רעזולטאַט פֿון חיסור. „דעם איבך רעסט שרײַבט איר אונטר דעם שטריכל", מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פּראָג תּקל„ה. 3. שׂריד. סכום לעבן־געבליבענע נאָך אַן אומגליק. דער קליינער א, פֿון אונדזער גרויסער משפּחה. אורח פֿאַרטײַטשט 'שׂריד, (איובֿ, כ, 21): איבערדעסט. „....האָבן אַלע ממית געוועזן און דעם א, געפֿאַנגען גענומען„, ר, ראובֿן אַראַנאָוויטץ, איבז, אַלדד הדני, פּראָג 1863.

איבעררעשן — [...ראַ'אַשן] — טרוו. רעש איבער, ~גערעשט. > רעש. איבערטומלען. א, דאָס געטומל פֿון דער גאַס. „א'...דערגיין

וואוהין מע באַדאַרף“, ממוס, שלמה. [עס טרעפֿט
זיך אַז איבערראַ'שן ווערט פֿאַרשטאַנען ווי
איבעררעשן: ‟זענען די אַלע מופֿתים נישט
געווען קיין מיטל אויף איבערצורעש'ן די מצריים“,
הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות לבֿית לוי,
קעשענעוו 1934.]
איבערשאָבן — טרוו. שאָב איבער, ~
געשאָבן, ~געשאָבט. 1. אָפּקראַצן, אָפּרייניקן,
אָפּשאָבן נאָכאַמאָל. ← אויסשאָבן בב 1־2.
2. שאָבן אַ סך, צו פֿיל. א אַלע רעטעכער,
,
אַלע מערן אע ־ו׳ג. ־עכץ ־עניש.
. .
איבערשאַטן — אוטוו, אומפּ. שאַט איבער,
~געשאַט. שטאַרק שאַטן, פֿאַרשאַטן. „וואָס
האָט דיר איבערגעשאַט?„, רייד.
איבערשאַטקעווען — טרוו. ־קעווע איבער,
~געשאַטקעוועט. פּפֿ: ~שעטקעווען.
נאָכאַמאָל, אַנדערש צעשניידן, צעבראָקן (קרויט צום
זיערן). א, אַ פֿעסל קרויט.
איבערשאַכערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געשאַכערט. אויך: ~שאַכ(ע)רייען, וור.
~שאַכרעווען. 1. פֿאַרקויפֿן (מיט אָ
צוהעריניש אויף אַ ניט־כשר פֿאַרדינסטל אָדער

אויף אַ היזק) וואָס מע האָט געהאַט
אײַנגעקויפֿט. א, די מציאות וואָס מע האָט
אײַנגעהאַנדלט אויפֿן יריד. 2. שאַכערן מיט
פֿאַרשיידענע אַרטיקלען. שאַכערן אַ לענגערע צײַט.
א אַ פֿאַרמעגן. א, מיט וואָס א מויל קען
,
נאָר אַרויסרעדן. 3. איבערכיטרעווען בײַם

▯

איבערשאַצן

קויף־פֿאַרקויף (ספּעצ, בײַ דער פֿאָרעם ~
שאַכ(ע)רײַען). ־ניש.
איבערשאַלטן — טרוו. שאַלט איבער, ~
געשאַלט. דטשמ. אָפּט געניצט. איבערשליסן,
איבערשטעלן, איבערדרייען. א, דעם עלעקטרישן
שטראָם. א, דעם מאָטאָר. ־ונג.
איבערשאַלטעווען — אוטוו. ־טעווע איבער,
~געשאַלטעוועט. דזוו אומשאַלטעווען ←.
איבערשאַלעווען
— טר▯י(ע▯ווע איבער,
~געשאַלעוועט. פפּ: ~שאַ ווען. אוקר.

.

איבערקלאַפּן, איבערצוימען מיט דינע
ברעטלעך, שאַלעווקעס. א, די מחיצה צווישן דער
שטוב מיטן קאַמערל.
איבערשאַמען — לר. דזוו איבערשוימען ←.
איבערשאַנטאַזשירן — טרוו. ־זשיר איבער,
~שאַנטאַזשירט. סטראַשען און אויספּרעסן
ביי אַ צאָל. א, אַלע ייִדן וואָס האָבן זיך
געפֿונען אויף דער אַרישער זייט (בעת דער
נאַצי־תּקופֿה).
איבערשאַנעווען — ← איבערשוינען.
איבערשאַסטען — טרוו. ־טע איבער, ~
געשאַסטעט. פּטרן, אויסגעבן מער געלט ווי מע
קען, ווי מע דאַרף. א, שווער פֿאַרהאָרעוועט
געלט. ־עניש.
איבערשאַף; — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערשאַפֿן, איבערגעשטאַלטונג. „אין אָט דעם לויף
צום א, דיין אייגן 'איך'„, ל. קוסמאַן, עזרא,
נ„י 1948.

איבערשאַסן — טרוו. שאַף איבער, ~געשאַפֿן
(אויך: ~געשאַפֿט). שאַפֿן נאָכאַמאָל,
פֿונדאָסנײַ. איבערגעשטאַלטיקן. „גאָט האָט באַשאַפֿן
די וועלט און דער מענטש וויל זי א'„, רייד.
א, די לידער פֿאַר אַ נײַער אויסגאַבע. „ווי
שאַפֿט מען איבער די מענטשן־מאַסע?“, ב.
ריוווקין, אַ גלויבן פֿאַך אומגלייביקע. „זי איז
איבערגעשאַפֿן געוואָרן דורכן דערפֿאָלג„, מוק,
מײַנע באַגעגענישן. “דער 'ספֿר חסידים, (שטאַמט
פֿון 13. י„ה) און ווערט געשאַפֿן און ווידער
איבערגעשאַפֿן פֿון אַ צאָל מחברים“, ב. י.
ביאלאָטאָצקי, צוק, מאַרץ 1936. „די ייִדישע
תּנכישקייט האָט נאָר געקענט דעמאָנסטרירט
ווערן דורך אייביקן א, דעם תּנך“, מ.
שטריגלעך, איק, פּסח תשי„ח.
מיט ז י ך — רעפֿל. „איך האָב געוואָלט
אַליין איין מאָל זיך א'„, הל. „ער האָט ממש
מיך איבערגעשאַפֿן אינגאַנצן אין אַ פֿולקום
וועלטלעכן מענטשן“, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין). ־ערײַ.

-

איבערשאַסעריש — אַדי. וואָס איז פֿון
אָדער ווי בײַ אַן איבערשאַפֿער. וואָס פֿירט דורך

די פֿונקציע פֿון איבערשאַפֿן. א'ע אַמביציעס.
אַ'ער מוט. ־קייט.
איבערשאַצ יק, ־לעך — אַדי. וואָס מע
קען איבערשאַצן. א'ע ווערטן. ־(י)קייט.
איבערשאַצן — טרוו. שאַץ איבער, ~געשאַצט.
1. שאַצן נאָכאַמאָל, שאַצן פֿונדאָסנײַ עפּעס
וואָס האָט אַ מאַטעריעלן ווע□ט. א, דאָס הויז
וואָס איז געשטעלט אויף ליציטאַציע. 2.
אָפּשאַצן אויף אַן אַנדער אופֿן עפּעס וואָס האָט

איבערשאַצעריש

אַ גײַסטיקן ווערט. קריטיש איבערווערטיקן.
א, דעם קינסטלערישן ווערט פֿון נײַעם ראָמאַן.
,,האָב איך מײַן אָפּשאַצן פֿון שלעכט און גוט,
ראָט מען מיר: שאַץ איבער די ווערטן,,, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ,,מענדעלע האָט פֿריִער
נאָך ראַדיקאַל אָנגעהויבן א, דעם משׂכּיליזם'',
שנ, ייִד, שרײַבער אין סאָוו,־פֿאַרבאַנד. ,,מע
מוז זיך פֿאַרטיפֿן, מע מוז א, אַ וועלט מיט
באַגריפֿן'', סעג, איצטער. ,,איבערגעשאַצט אַלע
ווערטן...אונטערגעפֿירט אַ סך־הכּל פֿון אַלע
נעכטנס — און פּראָקלאַמירט דעם
פֿולשטענדיקן באַנקראָט פֿון אַלטן וועלט־סדר'', וויספּע,

קאָוונע 1923, העפּט ג.

3. (איבּער)אָריענטירן זיך אין אַ סיטואַציע. „געדולד אַליין איבּערצושאַצן די לאַגע און... מוט צו נעמען אינגאַנצן אַ נײַע ווענדונג„, בּצג, טמז, 15 ׳ 19 IX.

4. שאַצן מער, העכער ווי ס'איז בּאמתדיק דער ווערט. א, דעם ווערט פֿון דער אײַנגעקויפֿטער סחורה. א, די אייגענע כּוחות און נעמען אויף זיך צו פֿיל. א, דעם אויפֿטו פֿון די פּיאָנערן. מיט ז י ך — „[ז׳] האָט קיינמאָל זיך ניט איבּערגעשאַצט, זי האָט געוואוסט אַז זי איז ניט אַזוי שיין ווי סאַלטשע„, ספּ, סודות.

~שאַץ, דער. „גייט דאָ ניט בּלויז אין אַבּסטראַקטן א, פֿון דער היסטאָרישער פּאָזיציע„, בּצג, טמז, 4 1965 IX. ־ונג — „די רעוואָלוציע איז אַ ראַדיקאַלע א, פֿון ווערטן„... גרינג, מענטשן און ווערטן. „די פֿרייד, ווידער, וואָס קומט אויף דערפֿון וואָס דער מענטש האָט וועגן אַ צווייטן אַ העכערע מיינונג, הייסט א'', ש ווינער איבּז, עטיק, ת„א 1963. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איבּערשאַצעריש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער ווי בּײַ אַן איבּערשאַצער. וואָס פֿירט דורך די פֿונקציע פֿון איבּערשאַצן. א'ע מעדיטאַציעס.

־קייט.
איבערשאָקלען — טרוו. ־קל איבער, ~
געשאָקלט. איבערטרייסלען, דורכטרייסלען (ספּעצ
פֿליסיקייט). א, דאָס פֿלעשל מעדיצין (עס זאָל
זיך ניט אָפּזעצן געדיכט אויפֿן דנאָ). גוט א,
דעם בוים, די פּירות זאָלן נעמען פֿאַלן. א,
דעם לולבֿ. *א, עמעצן די ביינער = זיי
אָנברעכן. „טייל זײַנען זיך נוהג איבערצולאָזן
דאָס מיסט אונטער פּי אַ גאַנצן ווינטער, נאָר
דעמאָלט מוז מען עס אַלעמאָל א, און
אויסמישן„, מ. וועבער, דער יודישער
פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. מיט ז י ך — א, זיך
די קישקעס בײַם פֿאָרן מיט אַ בויד. ־עניש.
איבערשאָרוועז — טרוו. ־ווע איבער, ~
געשאָרוועט. פּד. איבערשײַערן. א, די טעפּ.
איבערשאַרן — טרוו. שאַר איבער, ~
געשאַרט. צושאַרן. איבערלייגן, איבעררוקן,
איבערדרייען. א, די גליִענדיקע קוילן (זיי זאָלן
ניט ווערן אויסגעלאָשן). א, די קאַרטאָפֿל אויפֿן
פֿײַער (זיי זאָלן זיך בראָטן אַרום און אַרום).
א, דעם קופֿל ביר צום עק טיש. „אַרײַנלייגן
דאָס האָלץ, אונטערצינדן, א"“, וו. & ס. איבז,
די מעע)ה פֿון דעם שטיקעלע ברויט,
זשיטאָמיר 1869. „די גאַנצע צײַט פֿון בראָטן גערשטן

שאַרט זיי איבער מיט אַ שטעקעלע, כּדי זיי

1()15

זאָלן אַרומגעבּרענט ווערן פֿון אַלע זײַטן“,
יאַכ. אויך מיט ז י ך — א, זיך מיטן בּענקעלע
נענטער צום טאַטן. א, זיך אויפֿן בּויך צום
שׂונאס פּאָזיציע. ־ונג. ־עכ‏ן. ־עניש.

-

איבּערשאַרסן — טרוו. שאַרף איבּער, ~
געשאַרפֿט. 1. שאַרפֿן נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ. א,
- —
,
אַ מעסער, אַ זעג אע. 2. שאַרפֿן אַ סך, צו
פֿיל. א אַ גאָלמעסער, עס זאָל זײַן אַ סכּנה
,
אַרײַנצונעמען אין האַנט. א אַלע מעסערס אין
,
שטוב. 3. (בּײַטל־מאַכערײַ) א, די קאַנטן —
אַרומשנײַדן די קאַנטן פֿון לעדער (אויף דער
לינקער זײַט), זיי זאָלן ווערן דין כּדי צו
קענען פֿאַרבּייגן בּײַ דער אויסאַרבּעטונג.
4. אָנשאַרפֿן אויף אַן אַנדער אופֿן, מיט אַן
אַנדער מיטל. „ער האָט שוין צוריק

איבערגעשאַרפֿט זײַן פֿען אויפֿן אַלטן טעסטאַמענט און ער האָט צוגעשטעלט אַ 'משה'„, ש. ראָזענבערג, שלום אַש פֿון דער נאָענט.

איבערשברן — [...שאַבערן] טרזו. שבר איבער, ~געשברט. 1. איבערשלעפּן, אָנשלעפּן. איבערנעמען וואָס מע האָט געלאָזן אויף הפֿקר. 2. (גנבֿים־לשון). אָנגנבֿענען אַ סך. „וואָס דער אַלטער מאַרעוויכער האָט שוין איבערגעשברט אין זײַן לעבן“, רייד.

איבערשבתן — [...שאַבעסן] שבת איבער, ~געשבתט. אוטוו — פֿאַרבלײַבן אויף אַן אָרט, איבערזײַן דעם טאָג פֿון שבת. זיך אָפּשטעלן צו קבלת שבת אין ערשטן שטעטל אויפֿן וועג און דאָרטן א'. טרוו — אַוועקשטעלן, אַוועקלייגן עפּעס אויף אַן אָרט עס זאָל דאָרטן פֿאַרבלײַבן במשך פֿון דעם טאָג שבת. „נעכעלע שלעפּט די אויפּסן א, אין וואָלפּס געוועלב“, ב. ווײַנשטיין, איק, ר״ה תשכ״א.

איבערשדכנען — [...שאַ'דכענען] טרוו. שדכן איבער, ~געשדכנט. 1. שדכנען עמעצן אויף אַן אַנדער אופֿן אָדער מיט אַן אַנדער בן־זוג אָדער בת־זוג. א, דעם פּראָוויזאָר וואָס איז אַ גרויסער בראַקירער. 2. שדכנען אַ צאָל, אַ סך. א, אַלץ וואָס איר ווילט: קאַליקעס,

מיאוסקייטך. א, אַ גאַנצע געגנט מוידן און אַליין צו קיין איינער זיך ניט צושדכנען. ־עניש.
איבּערשוואונג, ~שוואונק — דער, ־ען. לאָקל, מג. בּרייטער רימען, פּאַס וואָס אַ זעלנער (פּאָליציסט אע) טראָגט צו פֿאַרגאַרטלען דעם מונדיר.
איבּערשוואַנגערן — ← איבּערשווענגערן.
איבּערשוואַרצן — שוואַרץ איבּער, ~ געשוואַרצט. טרוו — 1. נאָכאַמאָל שוואַרצן, איבּערפֿאַרבּן אויף שוואַרץ, איבּערשמירן מיט עפּעס וואָס איז שוואַרץ. א, דעם טאָוול, דאָס מעבּל. א, די שיך. „בּיידע האָבּן זיך געשווינד געוואַשן, נאָכאַמאָל איבּערגעשוואַרצט די זעקלעך אין די לעכלעך און שפּאַלטן פֿון די קאַמאַשן“, פּרץ, 'שוועסטער'. 2. מאַכן צו שוואַרץ. א, די פֿאָטאָגראַפֿיע. א, דעם הינטערגרונט. 3. אַריבּערפֿירן עפּעס איבּער אַ גרענעץ אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן. א, רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אַקוזוו — 1. (ווידער) אַריבּערגיין אַ גרענעץ בּשתיקה, געהיים. „עס איז מיר אויסגעקומען עטלעכע מאָל א, די

נעץ,,, רייד. 2. איבערלײַדן, איבערקומען.
א, עטלעכע יאָר. ־ונג. ־עניש.
איבערשווײַגן — שווײַג איבער, ~געשוויגן.
אוטוו — 1. שווײַגן אויפֿן מאָמענט; ניט אָפּענטפֿערן אויף עמעצנס פּאָרוואורפֿן, צאָרן, בייזע באַמערקונגען אדגל. "זאָל בעסער די אשה די רגע וואָס דער מאַן בייזערט זיך א'... און כאָטשע דער מאַן איז אין כּעס, וועט ער גיך איבערגעבעטן ווערן,,, הנהגות נשים, יאַס 1843. ,,אַ סד מאָל איז יעדער שותּף מצדו מחויבֿ צו שווײַגן, א', אַריבערבלאָזן...ניט מאַכן פֿון אַ וואָרט אַ קוואָרט", ג. ח. לעוונער, דער צווייענדיקער תּנאָים, ווילנע 1897. ,,מיט א, און מיט ניט אָפּענטפֿערן קען מען אַלעמאָל מער דערגרייכן ווי מיט ווען איבערשרײַען,,, פֿאָר, 30 XII 1964. ,,ווען שיינדל זאָל געוועזן דאָס מאָל א', קאָן זײַן...דער סקאַנדאַל וואָלט נאָך פֿאַרריבן געוואָרן", מ. מ. אויזערקים, ...
דער פּריוואָטלעהרער I, דראָהאָביטש 1898.
2. שווײַגן אַ לאַנגע צײַט. זייער אָפּט שווײַגן. זיצן אין דער פֿינצטער און א, דעם גאַנצן

אָוונט. אין די יונגע יאָרן פֿאַרנעמען זיך מאַן
און ווײַב מיט איבעררעדן, אויף דער עלטער
— מיט א,,,, רייד.
אַקוזוו — ניט רעאַגירן מיט רייד אַ
באַשטימטע לענגערע צײַט. א, די גאַנצע זיצונג.
א אַ משפּט.

,
טרוו — 1. ניט אָפּענטפֿערן. פֿאַרשווײַגן.
,,דער דא טוט צוויי מאָל דען צארין פֿון זײַן
רבי איבּר שווײַגן, איז ער זוכה אַז קען
פּסקנין איסור והיתר אַליין,,, עיון, ג/ב.
2. גובֿר זײַן מיט שווײַגן. ,,אויב מע קען די
טומלערס ניט איבערטומלען, קאָן מען נאָך
ווינציקער זיי א',,, צײַט, טמז, 6 1961 I.
3. (שפּאַסיק) זיך פֿאַרמעסטן אין שווײַגן. “זיי
זיצן אין אָוונט אין פּאַרק און שווײַגן. זיי
שווײַגן איבער איינער דעם אַנדערן”, רייד.
מיט ז י ך.

־ונג. ־עכן. ־עניש. ־ער.
איבערשווייסן — טרוו. שוויס איבער, ~
געשווייסט. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן
צונויפֿשמעלצן מעטאַל, דערפֿירנדיק די ברעגן
פֿון צוויי שטיקער צום צושטאַנד פֿון
פֿליסיקייט. א, רערן. ־ונג.

איבּערשווימען — אַקוזוו. שווים איבּער, בּ י ן
& ה אָ בּ ~געשוואומען. 1. דערגרייכן דעם
צווייטן בּרעג פֿון אַ וואַסער דורך שווימען.
א אַ טײַך, אַן אָזערע אין דער בּרייט. א,
,
דעם ענגלישן קאַנאַל אין אַ פֿאַרמעסט. ,,אַ
ים קען מען ניט א',,, שוו. "און, ווערן זײַן
איבּר שוואומן דען בּאַך פּרת און, ווערן קומן
אויף דיר, ירושלים, צו בּלעגערן דיך", סהמ,
נחום, ב, 12. ,,איינער וואָס וואַרפֿט זיך אין
אַ בּרייטן טײַך אַרײַן איבּערצושווימען די
גאַנצע בּרייט,,, ספּ, סודות. ,,און דערצו איז נאָך
געווען עטלעכע טיפֿע און בּרייטע וואַסערן
איבּערצושווימען", חידקל הורוויץ, צפֿנת פּענח,
בּאַרדיטשעוו 1817. 2. אַריבּערפֿאָרן אויף אַ
שיף, שיפֿל אע. א, דעם אַטלאַנטיק. 3. שווימען
ווײַטער ווי נייטיק. א, די מעטע. 4.
איבּערפֿליִען, דורכגיין פֿאַרגיין (ווען זון). א, דעם
.

איבּערשווינדלען

הימל. שווב פֿאַרטײַטשט 'שקע': ,,איבּר שווימן".
5. גרינג, אָן אָנשטרענגונג איבּערגיין פֿוו איין

באַשטאַנדטייל צו אַ צווייטן פֿון איין
סיטואַ,
ציע צו אַ צווייטער. א, פֿון לאַכן צום וויינען.
א, פֿון גרוי אין בלוי פֿון פֿריילעכס גייען
.,,
די קאַפּעליעס איבער אויף אַ וואָלאַך, פּשוט
איבערגעשוואומען. מע האָט דעם איבערגאַנג
ניט געפֿילט", פּרץ פֿאָלקסס, געשיכטן. מיט
,
ז י ך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
איבערשווינדלען — טרוו. ־דל איבער, ~
געשווינדלט. איבערכיטרעווען מיט אַ שווינדל,
אויסנאַרן מער, איבערשטײַגן עמעצן מיט אַ
פֿאַלשקייט. א, דעם שווינדלער, דעם
מאַרעוויכער. מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
איבערשווינדלעריש — אַדי. שווינדלעריש
אין אַ הויכער מדרגה. א'ע קונצעלעך.
איבערשוויצן — שוויץ איבער, ~געשוויצט.
אוטוו — 1. שוויצן און אויפֿהערן. א, אַ
נאַכט און אויפֿשטיין אַ געזונטער. 2. שוויצן
אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, דעם גאַנצן הייסן
זומער [צײַט־אַקוזאַטיוו]. 3. שווער אַרבעטו
— און שוויצן דערבײַ. א, בײַם בויען, בײַ

די שיפֿן אאַזוו. טרוו — 1. איבּערקומען מיט שוויצן. א, אַן עקזאַמען. 2. שוויצן מער ווי אַן אַנדערער. א, די מחותּנים און די סאַרוועֶרס.
3. גובֿר זײַן מיט שוויצן. א, אַ צוקילונג.
אָפּט מיט ז י ך. "באַקומט ער היץ און שוויצט זיך איבּער און הייבּט זיך אויף געזונט",
טאַרלער רבּי, סגולות ורפֿואות, לאָדז [1910?].
~שווי□ן, דער. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
איבּערשוועבּן — אקוזוו. שוועבּ איבּער, ~ געשוועבּט. 1. איבּערפֿליִען אַ קורצן שטח. א, ווי אַ לײַכט וואָלקנדל. א, ווי אַ פֿלאַטערל.
„אַן א, פֿון אַ צווײַג וואָס האָט פֿאַרדאַרט צו אַ נײַעם בוים וואָס וואַרט", י. ראָלניק.
2. איבּערגיין, אַריבּערגיין אַזוי ווי פֿליִענדיק. גראַציעז א, פֿון איין פּאָרטאַל צום צווייטן.
3. פֿיג. דורכטראָגן. איבּערטראָגן, אַריבּערטראָגן. „ווער עס קען ניט דאָס שלעכטע א, קען דאָס גוטע ניט דערלעבּן", שוו. „דײַן לעבּן וועט א, אין גרויס געפֿאַר און דו וועסט ניט גלייבּן דאָס דו לעבּסט„, א□ה־, ספּורי גזירות ת„ח ות"ט, ווילנע 1862. ־ונג. ־עניש.
איבּערשוועמתג — די, ־ען. אַרכ. איצט דטשמ פֿאַרפֿלייצונג. אורח פֿאַרטײַטשט ,בשצף,

— —

(ישעיה, נד, 8): „אין איבער שוועמונג“ [תּי:
„איסגוס“]. „די פֿעלדער וואָס דאָס וואַסער
איבערשוועמט זײַנען די בעסטע, נאָר ווען עס
קומט אַן א, נעמט עס אַלץ אַוועק„, ר, אליקים
בלאָך, דרכי ישרים, לעמבערג 1868. „דער רצון
און ווילן פֿאַר הקדוש־ברוך־הוא אויף דער
וועלט אַן א, צו ברענגען“, ר, יצחק
האַמבורגער איבז, Iיח יצחק, לעמבערג 1876.
~שווע'מען — טרוו. פֿאַרפֿלייצן,
איבערפֿלייצן, פֿאַרדעקן מיט אַ שטאַרקן שטראָם.
מלל פֿאַרטײַטשט 'ונשק(ע)ה כיאור מצרים,
(עמוס, ח, 8): „פֿרזונקין אודר איבר שוועמט„
[תּי: „זיך אַראָפּזעצן„].

1()16

איבערשוועגערן — אוטוו. ־ער איבער,
~געשווענגערט. 1. דורכפֿירן שוואַנגערשאַפֿט
ביזן סוף. „ועסט א, אין אַ מזלדיקער שעה
און פֿאַרגעסן דאָס איבלעניש און די ווייטיקן„,
רייד. 2. שווענגערן אַ צאָל מאָל. א, עטלעכע
מאָל און כסדר מפּלען. 3. שפּאַסיק. אַקוזוו.
איבערטראָגן. „שווענגער איבער די ווײַנטרויבן

צו מיר“, רייד.

איבערשווענציען — טרוו. ־ציע איבער, ~געשווענציעט. פפ: ~שווענטשען. (וועגן) וידער) באַשפּרענקלען מיט געהייליקט וואַסער [ווי אַ טייל פֿון קריסטלעכן ריטואַל]. א, די גויעס.

איבערשווענקען — טרוו. שווענק איבער, ~געשווענקט. 1. שווענקען נאָכאַמאָל; מאַכן ריינער דורו באַגיסן אָדער אײַנטונקען אין וואַסער מער ווי איין מאָל. ← אויסשווענקען ב1. ,,פֿלייש דאש מכולה איז געוועזן...א'...און קאָך זיך“, איין ביחל וויא צו פֿר היטן דאס גיזונד..., שקלאָוו 1795. ,,נעמען אַ האַנט ריין קאָרן און גוט א,, דערצו מישן אַ לויט קרײַטער קאַליאַנדרע“, תעלה ארוכה, לבֿוב 1850. ,,נאָך דעם זאַלצן שאַרט מען אָפּ דאָס זאַלץ פֿון דעם פֿלייש און מען איבערשווע'נקט עס מיט וואַסער ווייניקסטנס צוויי מאָל,,, חכמת אדס, וואַרשע 1867. ,,אין דער כּלי וואָס מע שווענקט איבער דעם פֿלייש נאָך דאָס זאַלצן זאָל מען נישט אַרײַנטאָן פֿריִער דאָס פֿלייש אין דער כּלי, נאָר פֿריִער וואַסער אָנגיסן“, ספֿר מעין טהור, הרבֿ מ. טייטלבוים דק,,ק איהעל.

2. דורכשווענקען. א', איבערגאָרגלען מיט זאַלצוואַסער. א, דעם האַלדז — אויך: נעמען אַ ביסל משקה. „און אַפּילו די וואָס מײַדן אויס די באַפֿרוכטונג דורך אײַנשפּריצונגען און א'„ א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909. 3. שווענקען אַ סך, אַ צאָל זאַכן. א אַלע גלעזער. „טעקלע, וואָס וואַשט גרעט,

,

שווענקט איבער געל־גרינע ווינדעלעך פֿון יידישע קינדער„, ממוס, ווינטשפֿ. „אַרײַנטראָגן שפּענער, וואַסער אַ פֿאַס, א, דאָס געפֿעס„, שע, 'די גרויסע בהלה'. *א, יענעמס ברודיק(ע) וועש = באַרעדן. 4. באַגיסן, שווענקען אַ ביסל. „דערנאָך שווענקט מען איבער [דאָס געפּוצטע זילבערוואַרג] מיט ריין וואַסער“, פֿאָר, 1 X 1964. מיט ז י ך — א, זיך אין מקווה. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.

איבערשווער — אַדי. זייער שווער; שווערער ווי געוויינלעך. „עטלעכע יאָר פֿון א'ער עלטער“, רייד. „ווערן ניט באַפֿרײַט פֿון א'ן יאָך„, זק, שד .

איבערשווערן — שווער איבער, ~געשוו(אָ'ו)־רן. אוטוו — שווערן נאָכאַמאָל. שווערן מיט אַ צאָל שבֿועות. א, מיט די האַרבסטע שבֿועות.

טרוו — נאָכאַמאָל אײַנשווערן אָדער אַ סך מיט
איין מאָל. א, אַן עדות. א, אַלע אונטערטאַנען
בײַ דער קרוינונג פֿון נײַעם הערשער. אויך
מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
איבערשווערן — אוטוו & טרוו. שווער
איבער, ~געשווערט. זײַן שווערער (אין וואָג),

איבערשוימען

איבערוועגן. א, און אַראָפּציִען צום באָדן די
שאָקלברעט. ,,ווען דו, גאָט, זאָלסט
אַרויפֿלייגן די גאַנצע וועלט אויף איין וואָגשאָל
און מײַן געמיט אויף דער צווייטער, וואָלט
מײַנס איבערגעשווערט,,, יחיאל לערער, מײַן
□ ייִס.
איבערשויבערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געשויבערט. נאָכאַמאָל, ווידער צעשויבערן.
אַרומנעמ□.ש□ קינ□ער
יד — אַדי. וואָס איז זייער
ד ס און א, זײַנע האָר.
איבע ער
שוידערלעך, שרעקלעך איבער דער מאָס. א'ע
געשעענישן. די א'ע אויסראָטונג פֿון ייִדן

בּימי הנאַצי. ▯קייט — „וועלכער ילוד־אשה איז דאָס בכּוח צו בּאַנעמען אַזעלכע א'ן ווי די קאַטאַסטראָפּע?", צײַט, טמז, 6 ▯1962 .II.

איבּערשוידערן — אוטוו. ־ער איבּער, ~ געשוווערט. נאָכאַמאָל איבּערלעבּן אַ שוידער, אַ גרויל. א, פֿון קעלט. א, בּײַם לייענען אַ גבֿית־עדות וועגן די גאַזקאַמערן.

איבּערשוים — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון איבּערשוימען. 2. שוים וואָס פֿליסט איבּער די קאַנטן פֿון אַ כּלי. 3. שוים (פֿון אַ שטאַרקער כוואַליע) וואָס לויפֿט איבּער די בּרעגן. 4. אויפֿבּרויז פֿון אַ שטאַרקער עמאָציע. „נאָר צמח האָט דעם א, פֿון זײַן אָנגעזאַמלטער בּיטערניש שוין אויסגעקאָכט", חג, טמד, 29 1957 .XI.

איבּערשוימיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען איבּערשוימען. א'ע געקעכטסן. א'ע געפֿילן. פֿרגל: ~שוימענדיק — וואָס שוימט איבּער. „די דראַמע פֿון אַמעריקאַנער...א'ער רײַכקייט און שטומקייט", קאָר I. „אין זײַן דמיון איז אויפֿגעשטיגן לוסיס געשטאַלט: דער שפֿע פֿון איר לײַבּ, די א'ע גלידער...", ח. אַיאַלטי, איק, פּסח תּשכ"ד.

איבּערשוימען — שוים איבּער, ~געשוימט.

אוטוו — 1. שוימען איבּער דער מאָס (פֿון שטאַרקן קאָכן פֿון האַסטיקן בּרויזן אדגל) פֿאַר, .
געסן דאָס טעפּל אויפֿן פֿײַער און לאָזן די יויך א'. 2. זיך בּאַדעקן (אַזוי ווי) מיט שוים. די פֿערדס מײַלער שוימען איבּער נאָכן לויפֿן עטלעכע מײַל. ,,די וואַרעניע איז קאַליע, זעסט, ס'האָט שוין איבּערגעשוימט,,, רייד.
3. בּרויזן, אויפֿקאָכן (אין זיך) פֿון אַ שטאַרקער עמאָציע [אַזוי ווי דאָס געפֿיל וואָלט זיך איבּערגיסן איבּער די 'ראַנדן, פֿון דער נשמה]. א, פֿון התפּעלות. ,,מײַן הערץ ווערט איבּערגעשוימט פֿון פֿריידן און פֿון דאַנק צום גרויסן בּאַשעפֿער,,, אמד, איין הוגד אַלס שדכן, ווילנע 1878. ,,דאָס צעבּראָכענע ייִדישע האַרץ וואָס איז געווען פֿול און גאַנץ, אַז סע האָט אַ סך מאָל אַזש איבּערגעשוימט פֿון דער האַרמאָנישער פֿולקייט אין זיך,,, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. טרוו — 1. פֿאַרגיסן, איבּערגיסן אין פֿאָרעם פֿון שוים. א, די פּליטע. 2. דז פֿיג. ,,מיט אונדזער לײַבּ ווי מיט אַ דאַמבּע וועלן מיר דיך צוימען, אַז דו זאָלסט מערניט א, דעם שוועל פֿון אונדזער גליק,,, חג, פֿאַרוואַקסענע וועגן. ־ונג.

־עניש.

איבערשוינען

איבערשוינען — טרוו. שוין איבער, ~ געשוינט. 1. שטאַרק שוינען, שאַנעווען און אָפּהיטן, אויפֿהיטן. א, דאָס טײַערע מעבל. א, דעם פֿאָטערס געפֿילן. 2. צו שטאַרק, אויף אַן איבערגעטריבענעם אופֿן שוינען. א, דאָס געזונט און מורא האָבן צו אַרבעטן. ־ונג.

איבערשוכן — טרוו. שוך איבער, ~געשוכט. (ווידער) באַזאָרגן מיט שיך אַ צאָל. א, אויף יום־טובֿ דאָס גאַנצע הויזגעזינד. ־ונג.

איבערשולדיק — אַדי. שטאַרק שולדיק. „זאָגסט ער איז ניט שולדיק. ער איז א'", רייד. ־יקייט.

איבערשולן — טרוו. שול איבער, ~געשולט. איבערקוואַליפֿיצירן; אויסלערנען אַן אַנדער פֿאַך, מלאָכה. „אַ ספּעציעלער קאָמיטעט וואָס וועט באַטראַכטן וועגן א, אַזעלכע אָנגעשטעלטע", פֿאָך, 18 IX 1964. מיט ז י ך.

איבערשומען זיך — אוטוו. סל. איבערטומלען זיך.

איבערשוס — דער, ־ן. 1. דטשמ. נר.

איבערבלײַב, איבעררעשט, עודף. שווב פּאַרטײַטשט
אַזוי 'סרח, און גיט אָן ווי אַ סינאָנים יתרון.
,,בײַם פֿאַרבינדן זיך פֿון די עלעמענטן ווערט
...פֿרײַ אַ געוויסע מאָס וואַרעמקייט — דער
עודף, דער א, וואָס יעדער עלעמענט גיט אָפּ,,,
א. ש. זאַקס, דאָס לעבן פֿון פֿלאַנצן. 2. (
וועבערײַ) פֿאָדעם אויף דער לינקער זײַט פֿון
דעם אויסגעאַרבעטן געוועב.
איבערשופֿלען — טרוו. ־פֿל איבער, ~
געשופֿלט. איבערשיטן, איבערוואַרפֿן,
איבערגראָבן מיט אַ שופֿל, אַ גרויסער (הילצערנער)
לאָפּעטע. א, תּבֿואה, זאַמד.
איבערשורהדיק — אַדי. וואָס איז איבער
דער שורה. ,,פּרוּוון פֿון אויפֿבויען אַן א'ן
ניקוד", מוו, שוואַרצע פּינטעלעך.
איבערשושקען זיך — קזוו. ־קע זיך איבער,
זיך ~געשושקעט. זיך זאָגן עפּעס (איינער
דעם צווייטן) אויפֿן אויער, זיך סודען. ,,זאָל
ווייען פֿון ערגעץ עפּעס אַ ווינטעלע, שושקען
זיי זיך איבער, סודען זיך אָנבייגנדיק די קעפּ
איינער צום אַנדערן,,, ממוס, שלמה. "ווער ניט
ווער האָט זיך נאָר איבערגעשושקעט אויפֿן
אויער,,, אַר, 'בײַ דאָקטוירים'. ־עניש.
־ערײַ.

איבערשהורן — [...שאָכערן] טרוו. שחור איבער, ~געשחורט. אין פֿאַרשטעלטן לשון דזוו איבערשוואַרצן, טרוו, ב2; אַקוזוו.
איבערשהטתג, ~שהטן — ← איבערשעכטונג, איבערשעכטן.
איבערשטאַטן — טרוו. שטאַט איבער, ~ געשטאַט. אויסשטאַטן (←.) אויף אַן אַנדער אופֿן. בײַטן דעם שטאַט, דעם פּוץ. בײַטן מלבושים אויף שענערע. א, די כלה. א, די בינע. ־ונג.
איבערשטאַטקעווען — ← איבערסטאַטקעווען.
איבע אָך — דער, ־ן. אַקט אָדער רע.. זולטאַט פֿון איבערשטעכן (←.).

1()17

איבערשטאַכערן — ־ער איבער, ~ געשטאַכערט. אוטוו — צו שטאַרק, צו לאַנג פּרוּוון אַראָפּקוועטשן דעם פּרײַז. א, און ניט קויפֿן. טרוו — אויסדינגען בעסער ווי אַ צווייטער. אָפּוואַרטן דעם פויער מיטן וועגעלע האָלץ און א, אַנדערע קונים.
איבערשטאַלטיקן — טרוו. ־טיק איבער,

~(גע)שטאַלטיקט. דזוו איבערגעשטאַלטיקן →.
אויך: ~שטאַלטן, רוסיש־ייִדיש
ווערטערביכל, מאָסקווע 1941.
איבערשטאָלן

— טרוו□לעד□ן. □ר, ~
געשטאָלט. אויך: ~שטאָ . באַדעקן
שט ל איב

(עפּעס) מיט (אַ שיכט פֿון) שטאָל. א, דעם
אַרכיוו ווי אַ באַוואָרעניש פֿאַר אַ פֿײַער.
2. האַרטער מאַכן שטאָל (בײַם פּראָצעס פֿון
אויסאַרבעטן שטאָל). 3. פֿיג. מאַכן
שטאַרקער, פֿעסטער, מוטיקער. א, הערצער.
איבערשטאַמלען — טרוו. ־מל איבער, ~
געשטאַמלט. איבערזאָגן, איבערחזרן
שטאַמלענדיק. א, דעם זעלביקן ענטפֿער. ־עניש.
איבערשטאַמפּן — טרוו. שטאַמפּ איבער,
~געשטאַמפּט. (מעטאַל־באַאַרבעטונג). 1.
ווידער, אויף אַן אַנדער אופֿן אויסשטאַמפּן,
אײַנשטאַמפּן. א, ווײַל דער שטאַמפּ איז ניט קלאָר.
2. איבערמאַכן אַ שטאַמפּ, אַ פֿאָרמע. א, אַ
פֿאָרמע. 3. שטאַמפּן, האַמערן איבער
מעטאַל נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל. א, זילבער
פֿאַר יוּווועליר אַרבעט. א, די בלעכן צו מאַכן

-

רינוועס, בעקנס צום באַקן אע. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.

איבערשטאַ'נען — אַדי. לאַקל. פּר, מג. דזוו איבערגעשטאַנען. איבערגעקומען, בײַגעקומען. א'ע קרענק, א'ע שלעכטע צײַטן.

איבערשטאָפּן — טרוו. שטאָפּ איבער, ~ געשטאָפּט [~שטאָ'פּן נ□]. 1. אָנשטאָפּן פֿונדאָסנײַ, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די שטרויזעק, מע זאָל קענען שלאָפֿן אויף זיי. א, דעם מאַנעקען. 2. אָנפֿילן, אָנפּאַקן איבער דער מאָס, איבערלאָדן. א, דעם טשעמאָדאַן מע זאָל אים ניט קענען צומאַכן. א, דעם שטרויזאַק מיט צו פֿיל היי. א, מיט קליאָטשע. א, די ליולקע מיט צו פֿיל טאַבעק. א, די צײַטונג מ□ט סעקס־סענסאַציעס. א, די קישקע = אויך: צו פֿיל זיך אָנעסן. „דער פּלאַנעט אונדזערער וועט צעשפּאַרט און איבערגעשטאָפּט ווערן מיט מענטשן„, דר, י. וואַלאַך, טמז, 26. IX 1965 3. (אָנ)שטאָפּן אַ צאָל, אַ סך. א, אַ שאַכטל גילזן. א, די פּעסער מיט הילצערנע שפּונטן.

4. געבן צו עסן צו פֿיל, מער ווי נייטיק. איבערפֿיטערן. א, די גענדז צו האָבן וואָס

מער שמאַלץ. „מע מוז זיך שטאַרק היטן דאָס
אַנטוויינטע קינד ניט צו א,“, איבּז, פּראָפֿ,
שליינ־יץ, מרפא לעם, זשיטאָמיר 1874. „זײַנען
מאַמעס וואָס שטאָפּן און א, די קליינע
קינדער מיט מילכן און פֿרוכטן„, בּ. ריווקין,
אונדזערע פּראָזאַאיקער. 5. לר. איבּערצירעווען.
א, שלעכט פֿאַרשטאָפּטע זאָקן. 6. (אַרײַנ)־
געבּן צו פֿיל. א, דעם תּלמיד מיט צו פֿיל
גראַמאַטיק. א, מיט גמרא.

איבּערשטאַרקן

מיט ז י ך — אָנעסן זיך איבּער דער מאָס,
זיך איבּערפֿרעסן. זיך א, ווי אַ מלמד אויף
אַ גבֿירישער בּר־מצווה־סעודה. „בּײַנאַכט האָט
מען אָנגעהויבּן צו שפּירן [אַז]...מע האָט זיך
נעכטן איבּערגעשטאָפּט„, אמד, דער
אונגעבּעטענער גאַסט, ווילנע 1871. „אַ ייִד האָט ליבּ
א, זיך אין רעסטאָראַן ווי אין שול“, דער
לעבּעדיקער, טאָג, 23 ▯ 1957 I. אויך פֿיג. א,
זיך מיט פּיוט, מיט תּהילים.
־ונג. ־עכ▯. ־עניש. ־ערײַ.
איבּער שטאָק און איבּער שטיין —
אַדוו פֿראַזע. אויך:...איבּער שטיינער.

פּד. גאַליציע. אוקר. אויף אַ ניט־
אויסגעטראָטענעם וועג; ניט געקוקט אויף קיין שום
מכשולים און שוועריקייטן. גיין (לויפֿן, וואַנדערן)
א, ש, א, א, ש'. „א, ש, א, א, שטיינער, נאָר
צעבּרעך זיך ניט די בּיינער“, קל. “דען זול
ער הער קומן אובּר שטוק אונ, אובּר שטיינן
אונ, איין נעמן די שטט בֿור אַלן זכן„,
בּבֿא־בּוך, 18. „און אַז אַ חסיד דאַרף זייערס
[די משׂכּילימס] אַ לאַסקע, לויפֿן זיי א, ש,
א, א, ש,“, קמ, 5 5 ◻ 18, No. „א, ש', איבּער
שטיין — קיינער ווערט אים נישט“,
וואַרשויער יודישע צײַטונג, 24 1867, No. „מ'האָט
בּאַדאַרפֿט לויפֿן אין דער פֿינצטער א, ש, א,
שטיין צו ראַטעווען, צו העלפֿן„, י.
קייטעלמאַן פֿאָר, 21 1965 III.

,

איבּערשטאַרבּן — אוטוו. שטאַרבּ איבּער,
~געשטאָרבּן. (גוזמאדיק, שטאַרק עמפֿאַטיש)
אַ סך מאָל שטאַרבּן. „איך בּין הונדערט מאָל
איבּערגעשטאָרבּן פֿון שרעק, בּיז איך בּין
דורכגעקראָכן די שטעכיקע דראָטן„, רייד.
איבּערשטאָרכען — טרוו. ־כע איבּער, ~
געשטאָרכעט. פּפֿ: ~שטורכען, ~שטערכען.
טרוו — ווידער, אַ סך מאָל שטאָרכען, קלאַפּן,

שטויסן. א, עמעצן די ביינער מיט אַ געזונטן
קולאַק. אַקוזוו — אוקר. אויסקומען,
דורכקומען מיט ווינציקער. איבערקומען. א, אַ
שווערע צײַט. א, דעם ווינטער אָן אַ וואַרעמען
מאַנטל. „איידער געלט אויסצוגעבן און ריזען
(= גריז[ש]ען) ביינער, איז גלײַכער
איבערצושטאָרכען אַ מיטאָג מיט וואָס גאָט גיט„,
קמ, 44 1867, No. ־עניש.
איבערשטאַרצן — טרוו. שטאַרץ איבער,
~געשטאַרצט. מאַכן עס זאָל אַרויסשטאַרצן,
זאָל זײַן העכער. אַ טורעם וואָס וועט א, אַלע
הײַזער. „זיי האָבן ניט געלאָזט בויען אַ
שול וואָס זאָל א, זייער תּיפלה„..
איבערשטאַרקן — טרוו. שטאַרק איבער,
~געשטאַרקט. 1. באַזיגן עמעצן אין אַ
געראַנגל, געשלעג, פּאַרמעסט. א, עמעצן מיט
פלינקייט. שווב פּאַרטײַטשט אַבק, — „רענגלן,

,

איבר שטרקן“. „אוב ער איבר שטערקט אין
דער איין דיא צווין זיא שטון גיגן איס„,
טח, קהלת, ד, 12. „אַזוי האָט דוד
איבערגעשטאַרקט דעם פלשתּי: מיט אַ שלײַדערער
און מיט אַ שטיין„, תּי, שמואל א, יז, 50.
„ער איז אַ שסאַרקער אויף דער ערד..., ווערט

ער קיינמאָל ניט איבערגעשטאַרקט פֿוו קייו
שום מענטשן,,, חה, בֿ, 285.

איבערשטודירן

2. באַזיגן אין אַ שלאַכט. א, דעם שׂונא.
,,דאָס פֿאָלק וואָס הינטער עמרין האָט
איבערגעשטאַרקט דאָס פֿאָלק וואָס הינטער תּבֿני“,
תּי, מלכים א, טז, 22.
3. זיגן בײַ אַ גײַסטיקן פֿאַרמעסט, אַ וויכּוח.
א, דעם אָפּאָנענט מיט בעסערע אַרגומענטן.
,,וויא וויל איך מיט גוט [= גאָט] משפּטן...
ווער ווערט אים קענן ניטן דז ער מיך ניט
איבּר שטרקן זאָל,,, סהמ, איובֿ, ט, 33.
4. קריגן די שליטה. איבערגעוועלטיקן. ,,איך
בין געוואָרן...ווי אַ מאַן וואָס ווײַן האָט אים
איבערגעשטאַרקט“, תּי, ירמיה, כג, 9. ,,ער
האָט געטייט די לײַבלעכע תּאוות און דער
שׂכל האָט איבערגעשטאַרקט זײַן גלוסטיקייט,,,
חה, 193. ,,טעם וואָס מע שאָקלט אויס די
טאַשן נאָך תּשליך און בײַ קידוש־לבֿנה, מע
זאָל א, די קליפּות וואָס האַלטן זיך אין אונדז
דורך אונדזערע זינד,,, ספֿר מטעמים, לאָדז [יאָר □].
,,עס [אי□] זייער שעדלעך, און מע דאַרף א,

מיט אַלע קרעפֿטן דעם שלאָף,,, איש יהודי [לעאָן ראַבּינאָוויץ], בּלעטער, פּעטערבּורג 1900, No 12.

5. אַרויסשטויסן (אין צוניפֿשטויס פֿון קעגנאַנאַנדיקע כּוחות, אייגנשאַפֿטן, טענדענצן). ,,די כּוחות וואָס האָבּן די טענדענץ אַרויסגעבּראַכט אין לעבּן זײַנען איבּערגעשטאַרקט געוואָרן פֿון אַנדערע נײַע כּוחות וואָס האָבּן געהאַט אין זיך אַן אומגעקערטע טענדענץ,,, זשיט. ,,מע שטאַרקט איבּער די אַלקאַלי דורך אַ זויערן שטאָף וואָס איז דער כּנגד פֿון אַלקאַלי‘‘, ש. שפּיראָ, קליידער־פֿאַרבּערײַ, וואַרשע 1900.

6. (איידל פֿאַר) פֿאַרגוואַלדיקן. ,,[אמנוח האָט זי [תּמרן] איבּערגעשטאַרקט און האָט זי געפּײַניקט,,, תּי, שמואל בּ, יג, 14.

אויך מיט ז י ך. ־ונג.

איבּערשטודירן — טרוו. ־דיר איבּער, ~(גע)־שטודירט. נאָכאַמאָל, ווידער שטודירן. א, דעם גאַנצן ענין. א אַ שווערן קאַפּיטל. ־ו״ג.

איבּערשטויבּן — טרוו. שטויבּ איבּער, ~ געשטויבּט. 1. נאָכאַמאָל אָפּשטויבּן, בּאַזײַטיקן שטויבּ, שמוץ. א, דאָס קלייד. א, דאָס מעבּל.

2. אָפּרייניקן שטויבּ פֿון אַ סך אָדער אַ

לענגערע צײַט. א, אַלע ביכער פֿון דער פּאָליצע.
־וננ.
איבערשטויסן — טרוו. שטויס איבער, ~
געשטויסן. 1. שטויסן נאָכאַמאָל, ווידער, אויף
אַן אַנדער אופֿן. א, די מצה, די פֿאַרפֿעלעך
זאָלן זײַן דינערע. א, צימרינג, פֿעפֿער אע.
*שטויסן און א, וואַסער = טאָן עפּעס וואָס
קען ניט האָבן קיין פּעולה. 2. שטויסן
איבער עפּעס. א, די פּילקע איבערן פּלויט.
מיט ז י ך — קזוו. זיו א, אין גרויסן געדרענג.
־עכ ן. ־עניש.
איבערשטומען — אוטוו. שטום איבער, ~
געשטומט. (מיט רוגזא, עמפֿאַטיש) דזוו שטומען.
,,אפֿשר וועסטו א, ביז מיר'ן ענדיקן רעדן?,,,
רייד.
איבערשטומפּיק — אַדי. זייער שטומפּיק.
א'ע האַק. א'ער קאָפּ.
איבערשטופּן — שטופּ איבער, ~געשטופּט.
טרוו — 1. איבעררוקן. בײַטן דאָס אָרט פֿון

עפּעס דורך רוקן, שטופּן. א, דעם אַלמער
אין צווייטן ווינקל. א, דעם אויטאָמאָביל צום

ראָג. ,,ווערט פֿון דעם טייל מאָגן די שפּײַז
אַרויסגעקוועטשט און איבּערגעשטופּט צום
צווייטן עק מאָגן,,, ט. בּערלס, מענ□ש־מאַשין,
קיִעוו 1927. 2. אָפּלייגן אויף אַ
שפּעטערדיקער דאַטע. א, דעם טערמין אויף אַ חודש
צײַט. אַקוזוו — איבּערלעבּן, איבּערקומען,
איבּערבּידעווען מיט געדולד. א, די (שלעכטע)
צײַט. א, די וואָך מיט אַ שטיקל טרוקן בּרויט.
,,מע וועט שוין ווי עס איז א, דאָס לעבּן
(וועלטל)", פֿוול. ,,מע ליגט און מע דרייט
זיך פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער, אַבּי
א, די נאַכט,,, דער יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע
1881. ,,מיר האָבּן ווי עס איז איבּערגעשטופּט
דעם צווייטן טאָג אין צרות,,, פּינסקער
שטאָטלוח, תּרס,,ד. *א, די צײַט = ווי ניט איז
זען אַז די צײַט זאָל אַוועקגיין. וואַרטן און
א, די צײַט מיט לייענען אַן אומאינטערעסאַנט
בּוך. א, די עטלעכע געשענקטע יאָרן.
אויך מיט ז י ך. ־עכ□ן. ־עניש.
איבּערשטורכען — ← איבּערשטאָרכען.
איבּערשטורעמען — ־רעם איבּער, ~
געשטורעמט. 1. אומפּ. שטורעמען און
אויפֿהערן. ,,עס וועט א', וועלן מיר ווײַטער פֿאָרן".
2. אוטוו. שטורעמען אַ סך, אַ לענגערע צײַט.

,,וואָס ער האָט איבערגעשטורעמט אין דער יוגנט“, רייד. ־ונג.

איבערשטײַג▯יק, ־לעך — אַדי. וואָס קען איבערגעשטיגן ווערן; וואָס מע קען איבערשטײַגן. אַן א'ער באַרג. אַן א'ע ג▯כקייט. אַ ניט־א'ע גוטסקייט. א▯ער אַדיעקטיוו = וואָס באַצייכנט אַ קוואַליטאַטיווע העכערונג, ווי: גוט און בעסער, אָנגעפּראָפּט און אָנגעפּראָפּטער. ־(י)קייט.

איבערשטײַגן — שטײַג איבער, ~געשטיגן, ~געשטײַגט. [~שטײַ'גן נר.] אוטוו — בײַטן (אַריבערגיין פֿון) איין מיטל פֿון טראַנספּאָרטאַציע אויף אַ צווייטן. א, פֿון דעם עקספּרעסצוג אויף דער קליינער באַן; א, פֿון דער שיף אויף אַן עראָפּלאַן. אַקוזוו — אַריבערשפּרײַזן, אַריבערגיין, אַריבערפֿאָרן אַ הויכן פּונקט. א, עטלעכע טרעפּ מיט איין מאָל. א, די אַלפּן אויפֿן וועג קיין איטאַליע.

טרוו — 1. זײַן, ווערן בעסער. דערגרייכן מער. א, אַלע חבֿרים אין לערנען, אין מידות טובֿות. ,,גאָט זאָל דיר אין לערנען דײַן האַרץ שטאַרקן דאָס דו זאָלסט א, אין קענטעניש

דײַנע מיטבּרידער", ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887. „די ערשטע צוויי פֿאַרדינסטן, מיט וועלכע ער האָט איבּערגעשטיגן די פּאָעטן,

בּ. ריווק ן, גרונ טענדענצן.... זײַן האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך אַזאַ איידעמל וואָס זאָל א אַלע אַנדערע זײַדענע איידעמלעך„, פּ. רו,

דאָי, טמז, 1965 ו4 I.

2. זײַן, ווערן שענער, העכער, שטאַרקער, קאָנטיקער פֿלינקער אע. זיך מער וואַרפֿן אין

,

די אויגן. א, דעם בּרודער אין וואוקס. א, אין אַ פֿאַרמעסט. זען ווער ווען וועט א,. „איינע וויל די אַנדערע א'...זי זאָל הייסן די קעניגין פֿון דעם בּאַל„, י tראל אָרנשטיין,

איבּערשטיין

עץ הדעת, יאַס 1884. „דאַכט זיך איינער וויל דעם צווייטן א, און וואָס מער געפּילדער מאַכן", יהואָש, ,פֿון די קעטסקיל־בּערג'. „זיי ווילן איבּעריאָגן, איינס דעם צווייטן א „, אַר,

דער אָרקעסטער'. „עס צעצווײַגט זיך יעדער בוים און איין צווײַג וויל דעם אַנדערן א'“, פּה פֿון ווײַטע לענדער. „ער האָט איבּערגע,
שטײַגט אַלע קעשעניקעס“, א. סאַפּיר, דער קליינער קאַטערזניק, ווילנע תּרמ„ג.

3. זײַן, ווערן פֿון אַ העכערער מדרגה, חשובֿער. א, כּפֿל כּפֿלים. „וואויל איז דעם רבּין וואָס דער תּלמיד שטײַגט אים איבּער„, רייד. „איך וויל דיר בּאַווײַזן און בּאַצײַגן דאָס די חכמה טוט די נאַרהייט ווײַט א'„,
משל הקדמוני, אוסטרהא ‎)18. „איר האַרץ און פֿרומקייט איבּערשטײַגט אַלע רײַכטימער פֿון דער וועלט“, אַבֿיגדור בּ. רוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע 1865. „די מדרגה פֿון משה רבּינו ע„ה — זי איז די וואָס שטײַגט איבּער זיי אַלע [פֿון די אָבֿות און די נבֿיאים]“, תּניא, מג. „קהילות האָבּן איינע די אַנדערע איבּערגעשטיגן: ווער וועט געבּן מער קרבּנות?„, חג, דער מאַמעס שבּתּים.

4. איבּערוועגן. זײַן, ווערן מער. די אויפֿטוען האָבּן איבּערגעשטיגן אַלע האָפֿענונגען. די עבֿירות שטײַגן איבּער די מצוות. „דער חשק צו פּדיון האָט איבּערגעשטײַגט די מורא„,

אַר, ,אַ גאַנצע נאַכט'. ,,ווען איינעמס רייד שטײַגן איבער זײַן פֿאַרשטאַנד, זײַנען די רייד אים מנצח,,, איבּן פֿון שלמה איבּן גבֿירול, טמז, 22 XI 1964.

5. גובֿר זײַן. איבּערשטאַרקן. ,,און אַ מענטש קען מיט חכמה און תּפֿילה א, זײַן מזל,,, ר, יעקבֿ מדובנא, משלי חכמה, ווילנע תּר,,ן. ,,די אויג וועט דאָ שוועבּן אָן בּליץ און אָן שמייכל און וועלן די טרער א',,, סעג, לידישע לידער.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין).

איבּערשטיין — אוטוו & אַקוזוו. שטיי איבּער, ~געשטאַנען. 1. בּלײַבּן שטיין אַ צײַט אויף די פֿיס. א, בּיז דער חזן ענדיקט די הויכע שמונה־עשׂרה. א, דעם גאַנצן ראָשהשנהדיקן מוסף. 2. שטיין אַ לאַנגע צײַט אָדער אַ סך מאָל. א, אין אַלע אָטשערעדן. א, אין קראָם פֿון פֿרימאָרגן בּיז שפּעט אין אָוונט. ,,איבּערגעשטאַנען אין די קאַלטע ניטבּאַהייצטע צימערן פֿון 'אידגעזקאָם, אויף אויסרײַסן אַ פֿונט זייף“, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927. 3. זיך פֿאַרהאַלטן, אָפּזײַן אויף אַן אָרט אַ בּאַשטימטע צײַט. א,

אַ וואָך אין דער אַכסניה. א, אין האַפֿן בּיז
די שיף וועט ווערן רעמאָנטירט.

4. שטיין אַ צו לאַנגע צײַט און קאַליע ווערן. „די וואַרעניע קען נאָך א', בּעסער אויפֿעסן איצט“, רייד.

5. איבּערטראָגן. לײַדן פֿאַר (פֿון) עפּעס אַ לענגערע צײַט און אויסהאַלטן. א, געבּראָטענע לײַד און ניט אַראָפּפֿאַלן בּײַ זיך. א, קאַלטס און וואַרעמס און פֿײַפֿן אויף דער גאָרער וועלט. „מיר זענען שוין אַזוי פֿיל יאָר איי גלות פֿאַרטריבּן און מע האָט אונדז שוי.

איבּערשטײַערן

אָנגעמוטשעט...מיר זענען בּ„ה בּיז הײַנט איבּערגעשטאַנען“, ספֿר שבֿחי רמ“ל, לעמבּערג [יאָר]. „געהאָלפֿן דערצו דאָס וולכל בּיז אויף דעם הײַנטיקן טאָג צו דערהאַלטן, כאָטש מע האָט געהאַט אַ סך איבּערצושטיין„, קמ, 25 1863, No. „האָבּן זיי זיך פּשוט מחיה געוועזן און האָבּן אָנגעהויבּן אָפּצודעכען אַזוי ווי איינער וואָס איז איבּערגעשטאַנען טויטשרעק„, י. בּ. א., די קליין שטעטיל אַסיפֿה, לעמבּערג 1883. 6. איבּערוואַרטן.

געדויערדיק אויסהאַלטן. וואַרטן און א, אין רעגן.
א, דעם רעגן = שטיין אונטער אַן אָפּדאַך
ביז דער רעגן הערט אויף.
7 פֿאַרטראָגן (אַן עוולה און ניט פֿאַרלירן
.
די רואיקייט). „ווען דיר דײַן חבֿר ברענגט
אום געלט, אַז מענכר ניט איבּר שטיאהן זעלט,
זאלשׂטו דאַך דענקן...הש"י ווערט מירשׂ ווידר
בּישערן", עיון, מא/ב. 8. לאָזן עמעצן אויף
איין אָרט. לאָזן צו רו. פֿרגל בּ3. זאָל ער א,
דאָ אַ טאָג צוויי און זיך פֿאַררוען. „אַז מע
נעמט אַראָפּ די פּאָדקאָווע פֿון זײַן רעכטן
פֿאָדערשטן פֿוס, הייבּט ער [דער פֿער] אָן
צו הינקען און מע מוז אַ טאָג דרײַ־פֿיר אים
לאָזן א',,, בערג, בײַס דניעפּער. 9.
פֿאַרבײַגיין. די קרענק וועט א,. דאָס געשווירל וועט
א, און פּלאַצן.
1O. (שנײַדערײַ, לאָקל, לובלין און אומג')
א, די פֿראָנטן — אונטערנייען לײַוונט אויף
די צוגעשניטענע פֿראָנטן פֿאַר אַ מאַרינאַרקע
אָדער אַ וועסט און לאָזן אויף אַ צײַט א,
(צוגעשפּיליעט אויף קאַרטאָן) ביז זיי באַקומען
די געוואונטשטע פֿאָרעם.
אויך מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.

איבערשטײַערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געשטײַערט. 1. מאַכן צאָלן שטײַערן נאָכאַמאָל
אָדער לויט אַ נײַעם מאָדוס. די שטאָט־
פּאַרוואַלטונג האָט איבערגעשטײַערט אַלע
הויזבאַזיצערס. 2. באַשטײַערן מיט אַ גרעסערער
סומע, ווי מע דאַרף, ווי עס איז יושרדיק. א,
מחמת אַ פּאַרזען. א, די קרעמערס ־ונג.

.

-

איבערשטײַסן — טרוו. שטײַף איבער, ~
געשטײַפּט. מאַכן צו שטײַף. א, דעם פּאַסיק.
א אַ קליידל אין דער טאַליע. א, דעם
קאָל,
נער מיט צו פֿיל קראָכמאַל. מיט ז י ך.
איבערשטימונג — די, ־ען. 1. געהויבענע,
אויסערגעוויינלעך גוטע שטימונג. „עס האָט
דעמאָלט געהערשט בײַ אונדז עפּעס אַן א',
מיר זײַנען געווען פֿול מיט האָפֿענונגען„, רייד.
2. ← דווו. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
איבערשטימען.
איבערשטימען — שטים איבער, ~געשטימט.

אוטוו — שטימען נאָכאַמאָל בײַ וואַלן. א,
ווײַל מע האָט ניט גוט געציילט די שטימען.
א, מחמת אַ טעות אין אויסלייג פֿון דעם
נאָמען. טרוו — 1. אָפּשטימען נאָכאַמאָל. „מע
קען אַרײַנברענגען אַ פֿאָרשלאָג, אָפּוואַרפֿן אַ
פֿאָרשלאָג, שטימען אַ פֿאָרשלאָג, א, אַ
פֿאָרשלאָג„, ה. איצקאָוויץ, ייִשפּ 3 ,I־6. 2.
אָפּגעבן די מערהייט שטימען קעגן עמעצן, קעגן
אַ פֿאָרלייג. „אויף דער זיצונג פֿון דער
פֿאַרוואַלטונג. .האָט די מערהייט מיך אי

ערגע1019

שטימט“, ב. שעפֿנער, פֿאָר, 29 l961 II. „ווײַל
מע האָט אים איבערגעשטימט, האָט ער
רעזיגנירט„, שלום ראָזנפֿעלד, פֿאָר, 20 1965 I.
3. (מוזיק) איבערשטעלן דעם אינסטרומענט
אָדער די שטים אויף אַן אַנדערן טאָן. א, די
פֿידל. ← אויסשטימען, טרוו, ב2 ־עכן.

־עניש.
איבערשטינקען — שטינק איבער, ~
געשטונקען. אוטוו — 1. שטינקען אַ סך, אַ

לאַנגע צײַט. א, ווי פֿאַרפֿוילטע אייער. 2.
שטינקען און אויפֿהערן. „ס'וועט א, און מע וועט
ווידער קענען עפֿענען אַ פֿענצטערל פֿון
אויטאָ“, רייד. טרוו — שטינקען מער ווי אַ
צווייטער אָדער אַן אַנדער זאַך. „איז ער אַ
שטינקער, ער קען א, אַ כאָפּטע בעטליירים“,
רייד. ־עכן. ־ניש. ־עד.
איבערשטיפֿן (זיך) — אוטוו. שטיף (זיך)
איבער, (זיך) ~געשטיפֿט. שטיפֿן און
אויפֿהערן. (זיך) א, און זיך באַרואיקן. אויך
טרוו — שטיפֿן מער ווי אַ צווייטער. „דער
ייִנגערער ברודער שטיפֿט איבער דעם עלטערן„.
־עניש.
איבערשטיקן 1 — טרוו. שטיק איבער, ~
געשטיקט. איבערווערגן. א, אַלע הינער און
לאָזן דעם אַלטן האָן. א, מיט אַ טויטלעכן גאַז.
איבערשטיקן 11 — טרוו. ← דפּוו.
איבערהאַטן; נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן
אויסשטיקן. א, די איניציאַלן אויפֿן זײַדענעם
טיכעלע.
איבערשטעטל — דאָס, ־עך. נעאָל. שטעטל
פֿון אַ העכערער מדרגה. „פּרצעס שטעטל איז
אַ מין א',„ אפֿא, טמז, 28 1965 III.

אי'בערשטע'כיק — אַדי. 1. [מיט צוויי
אַקצענטן] זייער שטעכיק. א'ע דערנער. 2. נעאָל
[מיטן אַקצענט נאָר אויף איבע]. וואָס מע
קען איבערשטעכן.

איבערשטעכן — טרוו. שטעך איבער, ~
געשטאָכן. 1. דורכשטעכן אין מיטן. א, אַ
בלאָז, אַ באַלאָן. א, די אויערלעפּלעך. 2.
נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן שטעכן. א, מיט
די פּיקעס די שטרויזעק. א, דעם בלאָטער,
דער גאַנצער אייטער זאָל אַרויס. מיט ז י ך.
־עניש.

איב רשט ל — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעאיב רשט כעוועון — ← איבערסטעכעווען.

זולטאַט פֿון איבערשטעלן. א, פֿון מעבל. א,
פֿון שטימען. (מוזיק) דירעקטער, געמישטער א'.

איבערשטעלבאַר — אַדי. דטשמ. נר. ←
דוווו.

איבערשטעל יק, ־עווודיק — אַדי. נעאָל.
וואָס מע קען איבערשטעלן. א'ע שטולן. א'ע
זאַצן ־יקייט.

איבערשטעלן — טרוו. שטעל איבער, ~

געשטעלט. 1. אַוועקשטעלן עפּעס אויף אַן
אַנדער אָרט. שטעלן איבּער עפּעס. איבּערפּלאַצירן.
א, דעם לייטער (איבּערן פּלויט). א, דעם
שרײַבּטיש נעענטער צום פֿענצטער. א, דעם טורעם
(לעבּן דעם קיניג). „פֿלעגט...צום צענטן מאָל
א, דאָס מעבּל אין אירע...פֿאַרפּוצטע צימערן„,

איבּערשטעלן

דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I, נ„י 1924. 2. בּײַטן
די ערטער פֿון □אַכן. א, וואַגאָנען. א, די
צוויי פֿאָטערשטולן. א, די בּיכער אין אַלמער.
א, (די זאַכן אין) אַן אויסשטעל־פֿענצטער.
3. אַנדערש אַוועקשטעלן. א, פֿון האָריזאָנטאַל
אויף ווערטיקאַל. „נאָר ווי אַזוי ער שטעלט
[דאָס טיי־געשי□] געפֿעלט דאָס ניט דער
מוטער, און זי שטעלט איבּער„, שע, פֿון צוויי
ווענטן. אויך א, אַ פֿוס איבּער אַ פֿוס.
4. בּײַטן אַן אָרט אין אַ ריי. א, די
קינדער, די קלענערע זאָלן גיין פֿאָרויס. א, די
אותיות, זיי זאָלן גיין אין סדר פֿון אַלף־בּית.
א, די זײַטן. א, די נאָטיצן אין דער צײַטונג.
אויך: א, די שפּילערס אויף אַנדערע פּאָזיציעס.

„און דאָ נעמט ער זיך א, די ווערט􏰀ר אין
אַן אַנדער אָרדענונג, אין אַן אַנדער סדר“,
א. אלמי, פּאַש, 23 XII 1949.
5. איבּערפֿירן, אַריבּערפֿירן. א, סחורה
איבּער דער גרענעץ. א, אומלעגאַל אַ פּאָליטישן
פֿון סיבּיר קיין אַמעריקע. *א, עמעצן =
אויך: אַרויסשיקן.
6. איבּערקאָמבּינירן טיילן פֿון אַ מלבּוש
בּײַם צושנײַדן. איבּערנייען, ווען עס איז שוין
צו(נויפֿ)גענייט. א, די קעשענעס. א, די בּיידע
טיילן פֿון מאַרינאַרקע. א, די קנעפּ. אויך: „די
מענער צײַגן זיך אָן, אַז מע האָט שוין
איבּערגעשטעלט דעם פּאַסיק פֿון די הויזן אויף
צוויי לעכלעך ווײַטער“, פּאָר, 27 1966 III.
7. בּײַטן פּרײַזן, ספּעצ, אויף העכער,
אויפֿשלאָגן דעם פּרײַז. א, די פּרײַזן און
פֿאַרטרײַבּן די קונים.
8. איבּערשליסן, בּ4. איבּערשאַלטן. א, די
עלעקטרע. א, דעם מאָטאָר. אויך: א, דעם
זייגער. א, דעם פֿאָנאָגראַף.
9. (העלפֿן) בּײַטן די פּראָפֿעסיע, מלאָכה
אָדער דעם אופֿן פֿון דער אַרבּעט. א,
לופֿטמענטשן אויף ערדאַרבּעט. א, שוסטערײַ אויף
מאַשינאָווע אַרבּעט. א, דעם אופֿן לערנען אויף

נײַע מעטאָדן.

10. געבן (שטויסן צו) אַן אַנדער ריכטונג. א, די באַן אויף אַנדערע רעלסן. א, די אַלספּרענקישע געדאַנקען, מע זאָל פֿאַרשטיין די פּאָדערונגען פֿון דער נײַער צײַט. „וואָלט איך זײַן מיט אײַך אַ ביסל צוזאַמען, וואָלט איך אײַך איבערגעשטעלט אין אײַערע מיינונגען„, ב. א. זאביעזענסקי, די שווערע צײַט III, וואַרשע 1887.

11. איבערמאַכן אָדער העלפֿן בײַטן עמעצנס כאַראַקטער, נאַטור, מידות. „און אַזוי די עופֿות און די חיות — מוז מען זיי אויך א', און אַזוי מוז מען אַלץ א, אַנדערש„, נחב, מעשׂה מבן מלך ובן שפֿחה,. „דען זי וועט אים אַלץ איבערמאַכן, אַ ווײַב קען דעם מאַן א'„, א. סאפּיר, דעך קליינער קאַטערזניק, ווילנע תּרמ״ג. „זי האָט זיך געמאַטערט, טאָמער וועט זי אים א, אַז ער זאָל פֿון איר ניט פֿאַרלאַנגען אַז זי זאָל האָרעווען ווען עס איז קיין נויט“, ש. בעקערמאַן, מאָרגען שטערן, אַדעס 1884.

12. איבערמאַכן אָדער העלפֿן בײַטן אַ פֿירונג, אַ מנהג, בכלל דעם אופֿן אויפֿפֿירן זיך. „הײַנט איז אויף דער וועלט געוואָרן

רשעים, האָבן זיי די זאַך איבערגעשטעלט מיט
אַן אַנדער געשטאַלט מקבל קנין צו זײַן
מיט אַ מאַנטל אָדער אַ קלייד,,, נצ2, קכח/א.
13. ראַדיקאַל, גרונט־אויס איבערבײַטן (און
דערבײַ פֿאַרבעסערן). ,,נעמען זיך אין קאָפּ
אַרײַן פּוסטע זאַכן און מיינען אַז זיי וועלן
די וועלט א'", סמוס, קליאַטשע. "אפֿשר
דערפֿאַר ווײַל ער האָט אינגאַנצן מיך
איבערגעמאַכט, איבערגעשטעלט מײַן לעבן", שע,
בלאָנדזענדע שטערן II. ,,אַז מײַן דניאלקע וועט צו
זיי אָנקומען פֿאַר אַן איידעם און איך וועל
זײַן זייער מחותּן, וועלן מיר זיי א, אַז זיי
זאָלן זיך אויפֿפֿירן אַזוי ווי ערלעכע ייִדן,,,
ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תרמ"ג.
14. איבערפֿלאַנצן. א, ביימלעך. א, די יונגע
קאַפּוסטע.
15. איבערשרײַבן אויף אַן אַנדער נאָמען.
איבערגעבן רעכט אָדער אָבליגאַציעס. א, די
קראָם אויפֿן נאָמען פֿון דער פּלוניתטע. א,
דעם אייגענעם חלק ירושה אויפֿן (נאָמען פֿון)
ייִנגסטן זון. א, דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן

אין אַן אָפּשטימונג.

16. איבּעראַרגרופּירן. איבּעראַראַנזשירן באַשטאַנדטײלן פֿון אַ מאַטעמאַטישן אױסדרוק. א, אַז אײן טײל פֿון אַ גלײַכונג זאָל זײַן נול. א, די אומבּאַקאַנטע אין אײן זײַט און די בּאַקאַנטע אין אַ צװײטער זײַט.

17. (מוזיק) ← איבּערשטימען, טרוו, בּ3. א, די שטים. א, אַן אינסטרומענט. אױך בּײַטן דעם ריטעם. אױך: א, די פֿיס בּײַם מאַרשירן. פֿרגל בּבּ 3, 8.

18. שטעלן נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש. א, קרױט, צוגעבּן נאָך קימל. א, די פּיעסע. „יִדישע בּעלי־מלאָכות האָבּן פֿאַרריכט די שאָדנס אין שלאָס; פֿאַרלאַטעט דעם דאַך, איבּערגעשטעלט קוימען־אויוון“, בּאַש פֿאָר, 1960 XII 17.

איבּערשטעלן זיך — רעפֿל & אוטוו. ← דפֿוו. זיך א, און װערן אַ שטיקל מענטש. „אונ דיא צײַט אַז דיך אירי גזעלשאַפֿט פֿר העצט האָט װערט זיך קיגין דיר איבּר שטעלין גלײַך זי זעלט דיך אױשׂ לאַכין„, בּע, ל/ב. „ער איז מיד געװאָרן, זיך איבּערגעשטעלט פֿון אײן פֿוס אויף אַ צװײטן“, אָפּאַ, אַלײן. „די פֿאָרעם װאָס דריקט אױס כּסדרדיקײט,

באַשטענדיקייט מיט דעם הילפֿסווערב טאָן און
דעם אינפֿיניטיוו, איז פֿעסט צוניפֿגעוואַקסן
און לאָזט זיך שווער א',,, ימ, ייִשפ 3 , I־6.
,,זי האָט אייגנטלעך גאָרניט געוואָלט זײַו
אָנגרײַפֿעריש, נאָר אַלץ ניט געקאָנט זיך א, אויף
אַ ווייכערן טאָן“, סאָוו, היימלאַנד, 5 1965, No.
־ונג — ,,...און מולכו באַנוצט זיך דערצו
מיט קאַבאַליסטישע צוניפֿשטעלונגען און א'ען
פֿון די אומרעגלמעסיקע נונען,,, א. ליפֿינער,
איק, פסח תשכ“ד. ־עכ ן. ־עניש — ,,איז
דאָס רונד־אַרום אַ פֿאַרדרייעניש, אַן א, פֿון
פֿאַקטן, מענטשן און געפֿילן,,, בּ. ריווקין,
אונדזערע פּראָזאַאיקער. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איבּערשטעלעריש — אַדי. וואָס איז פֿון
(אַזוי ווי בײַ) אַן איבּערשטעלער. א'ע טיילן
אין דער אַרבּעט צווישן בעלי־מלאָכות. ־קייט.

א בערשטעמעווען — טרוו. ־מעווע איבער,
~געשטעמעוועט. פּפֿ: ~סטעמעווען.
נאָכאַמאָל, אַנדערש שטעמעווען. ←
אויסשטעמעווען.
איבּערשטעמפּלען — טרוו. ־פּל איבּער,

~געשטעמפּלט. 1. שטעמפּלען נאָכאַמאָל, אויף
אַן אַנדער אופֿן. א, די דאָקומענטן. אויך פֿיג.
א, די פֿראַקציאָניסטן פֿאַר שׂונאים פֿון פֿאָלק,
פֿון אַרבעטער־קלאַס. סאָוו. 2. אַרויפֿלייגן אַ
שטעמפּל אויף (איבער) עפּעס. א, די
פּאָסטמאַרקעס פֿון אַלע קאָנווערטן. ־עניש.
איבערשטעפּן — טרוו. שטעפּ איבער, ~
געשטעפּט. 1. איבערנייען מיט אַ שטעפּמאַשין.
שטעפּן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסניי. דער פֿאָדעם האָט
זיך פֿאַרפּלאָנטערט, מע מוז א'. א, די
כאָליעוועס. 2. אויסשטעפּן, דורכשטעפּן וואָס
מע האָט פֿאַרסטריגעוועט אָדער אָנגעצייכנט מיט
אַ ליניע. א אַן איבערגעלייגטע נאָט.

,

איבערשטעקן — טרוו. שטעק איבער, ~
געשטעקט. 1. נאָכאַמאָל, אַנדערש אַרײַנשטעקן.
א אַ זוים פֿון קלייד מיט נאָך שפּילקעלעך.

,

2. איבערלייגן אויף גיך. פֿאַררוקן, אַרײַנרוקן,
אַרײַנשטאָפּן (פֿאַרבאַהאַלטן) אין אַן אַנדער אָרט.
א, זאַכן און שפּעטער זיי ניט געפֿינען.
3. (וועבערײַ) איבערבײַטן די שפּולן. ־ונג.
־עכץ. ־עניש. ־ער (.־ין, ־קע) —

וועבער וואָס שטייט בײַ דער ראַמע און זײַן
אַרבעט באַשטייט אין בײַטן די שפּולן.
איבערשטערכען — טרוו. ־כע איבער, ~
געשטערכעט. אוקר. מג. דזוו איבערשטאָרכען ←.
„גאָט האָט יאַקאָש געהאָלפֿן, מײַן ווײַב האָט
עפּעס פֿאַרזעצט, און מיר האָבן
איבערגעשטערכעט דעם יום־טובֿ„, קמ, 40 1868, No.
„יעדער האָט מערערע פּרוענס [= צאָלונגען]...,
ערשט ו.ערנאָך קען מען ברענגען] אין שטובֿ
אַרײַן דעם טאָג איבערצושטערכען„, צעד.
־עניש.
איבערשטערן — אוטוו & טרוו. שטער
איבער, ~געשטערט. דזוו שטערן. איבערשלאָגן,
איבעררײַסן. א, מיר אין דער אַרבעט. „מאַנכעס
מאָל האָט איבערגעשטערט [די שטילקייט] דאָס
בילן פֿון די הינט„, א. נוסבאַום, פּעסעלע די
גאַבעטע, וואַרשע 1885.
איבערשטראָך — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערשטרײַכן (←).
איבערשטראַלן — טרוו. שטראַל איבער, ~
געשטראַלט. טרוו — (באַ)שטראַלן מער.
פֿאַרמאָגן, אַרויסגעבן (פֿון זיך) אַ שטאַרקערע
ליכטיקייט. א, דעם קעראָסין־לאָמפּ מיט
עלעקטרישער באַלײַכטונג. „רבי, אײַער האַרץ ווערט

איבערגעפֿילט מיט תּורה, איבערגעשטראַלט פֿון
דער ליכטיקער תּורה", פּרץ, 'אַמאָל איז
געווען אַ מלך,. „מלכּה שבת האָט אין שיינקייט
חוהן איבערגעשטראַלט", צײַט, גש I. אוטוו —
שטראַלן אַ לענגערע צײַט. אויך פֿיג, צו
באַצייכענען שטאַרקע באַלויכטנקייט. א, פֿון פֿרייד.
„דער שטערן האָט שוין איבערגעשטראַלט
בּיליאָנען יאָרן", רייד. מיט ז י ך. ־ונג.
איבערשטראָמיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען

איבערשטרײַכן

איבערשטראָמען ..). נאָך גרויסע רעגנס איז
דאָס טײַכל א'.
איבערשטראַמען — טרוו. שטראַם איבער,
~געשטראַמט. לאָקל (זאַמעט, קורלאַנד). צו
שטאַרק אָנציִען פֿאַרציִען. א, די לייצעס. א,
דעם גאַרטל, עס זאָל ווערן שווער צו אָטעמען.
איבערשטראָמען — אוטוו & טרוו. שטראָם
איבער, ~געשטראָמט. אַריבערפֿליסן מחמת צו
פֿיל וואַסער, אַ צו שטאַרקן שטראָם. א, (איבער
די בּרעגן. ~שטראָם, דער. ־ונג. ־עניש.
איבערשטראָמענדיק — גער. ← דפֿוו.

פֿרגל איבערשטראָמיק. „אַלץ וואָס עס האָט
אין דײַטשלאַנד מענלעך, א, בלוט — איז אַוועק
קיין אויסלאַנד“, גרינ, ייִד און וועלט.

□

איבערשטראַסירן — טרוו. ־פֿיר איבער,
~(גע)שטראַפֿירט. ווידער אָדער מער
באַשטראָפֿן (מיט אַ געלט־שטראָף). א, פֿאַרן האַנדלען
אָן אַ פּאַטענט. ־ונג.

□

איבערשטראָסן — טרוו. שטראָף איבער,
~געשטראָפֿט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל (באַ)־
שטראָפֿן. א, די קינדער פֿאַר די זעלביקע
קונדעסערײַען. 2. צו שטאַרק, איבער דער מאָס
(באַ)שטראָפֿן. א, די אָרעמע פֿאַר די חטאָים
פֿון די רײַכע. ~שטראָ□ [— דער. ־ונג.
־עכ□ן. ־עניש.
איבערשטרײַטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איבערשטרײַטן, ← דווו. “דען
דיא העלדן הורקנוס דיא מוכטן ניט בישטין...

און, זיא מוכטן ניט דר טראָגן דיא שווערי
איבּר שטרײַטונג“, יוסיפֿון, אַמשט 1661.
איבּערשטרײַטן — טרוו. שטרײַט איבּער,
~געשטריטן. איבּערשטאַרקן, בײַקומען, מנצח
זײַן (אין קאַמף, וויכּוח, מחלוקת אע). „וואָשׂ
פֿיר לובּ...מאג עשׂ איינם שטאַרקן העלדן געבּן,
וועו ער זיך בּירימט...: איך האבּ איין ווײַבּ
גישלאגן און, האבּ זיא איבּר שטריטן“, יוסיפֿון,
אַמשט 1661. „און זאָל זיך ניט לאָזן בּאַצווינגען
פֿון זײַן יצה„ר, מע זאָל זיך אַלע צײַט די
בּייזע געדאַנקען א, מיט גרויסע פֿרישהייט“,
ר, משה בּר, אליהו, מלאכי קודש, וואַרשע
1839. ~שטרײַט, דער. ־ו□ג.
איבּערשטרײַכן — טרוו. שטרײַך איבּער,
~געשטרײַכט, ~געשטר(אָ׳י)כן. 1. פֿאַרמעקן,
איבּערמעקן. אָנשרײַבּן פֿאַלש און מוזן אַלץ א'.
א אַלטע חשבּונות, פֿאַרלעגענע חובֿות. „די
ווי̗סנשאַפֿטלעכע אַרבּעטן...האָט מען ניט לאַנג
צוריק אין אַן אַרטיקל צונישטגעמאַכט, פּשוט
איבּערגעשטראָכן ווי פֿאַלסיפֿיקאַציע און בּראַק„,
סאָוו, היימלאַנד, 5 1965, No. פֿיג. א, דאָס
פֿאַרגאַנגענע און אָנהייבּן אַ נײַ בּלאַט. 2. מאַכן
אַ ליניע איבּער (אויף) עפּעס ווי אַ סימן פֿון

דורכקוק, קאָנטראָל (מערסטנס אין צאָלאַמט).
,,נעמט דער דײַטש און טוט אַ שטרײַך איבער מיט אַ קרײַדל איבער אַלע מײַנע טשעמאָדאַנעס,,, שע, זומער־לעבן.

3. אַרכ. איצט דטשמ. איבערגייו (מיט אַ באַרשט אָדער אַ פּענדזל) פֿון אויבן, לײַכט באַדעקן מיט פֿאַרב. ,,עשׂ איז אָסור דיא ערד צו וועשן אודר צו איבּר שטרײַכן, אַפֿילו ניט או□ף דיא פֿלאַשׂטר איז אַך אָסור,,, לט□, פּ/ב.

איבערשטריך

4. (קירזשנערײַ) איבערפֿאַרבן פּעלצוואַרג.
,,דער מילנער לאָזט זיך נישט פֿריִער א, דעם שאָפֿנפּעלץ, ביז ער רײַסט נישט אָפּ אַ גראָשן פֿון זאַק דער סיערמענגע“, פּרץ, 'דאָס שטרײַמל'. ,,רײַסט אויס אַן אויסגעקראָכענעם לאַפּן פֿון אַ פּעלץ, שטרײַכט אים איבער אויף אַ הײַנטמאָדישן באַלעבאַטישן ביבער,,, פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.

5. (בײַם באַאַרבעטן לעדערוואַרג).
איבערלינירן (אַ צווייט מאָל) אַ קאַנט פֿון לעדער מיט אַ שאַרפֿן און אָנגעגליטן אײַזן, מיט אַ ספּעציעלער אײַזערנער ווירע (כּדי די

אײַנגעדריקטע ליניע זאָל אַרויסקומען אָנזעעוודיקער
און גלאַנציקער). א, לעדער בײַם מאַכן
דאַמענטאַשן. א, שיך. א, טײַסטערס.
אויך מיט ז י ך (בּבּ 2 1) — „פֿאַרגײן וועט
נאָך אַ דור, אַ דור, זיך א, וועלן יאָרן, נאָר
ניט פֿאַרלעשן זיך וועט דער קאַיאָר„, פּמ, מלחמה.
־ונג. ־עניש. ־ער.
איבּערשטריך — דער, ־ן. שטריך פֿון אויבּן.
„נחת פֿון אַ צעפֿלאָסן שטיק ר„ן, עגמת־נפֿש
פֿון פּרי־מגדימס א'־שטרעכעלעך„, פּרץ,
זכרונודנ.
איבּערשטריכלען — טרוו. ־כל איבּער, ~
געשטריכלט. 1. מאַכן אַ שטריך אָדער שטריכל
פֿון אויבּן. 2. איבּערמעקן, פֿאַרמעקן מיט
אַ שטריך. א, די גרײַזן. ־ונג. ־עניש.
איבּערשטריקן — טרוו. שטריק איבּער, ~
געשטריקט. 1. פֿונדאָסנײַ שטריקן, אויף אַן
אַנדער אופֿן. צענעמען דאָס געשטריקטע און
א, די הענטשקעס. 2. שטריקן אַ סך. וויפֿל
די אַלטיטשקע האָט שוין איבּערגעשטריקט אין
איר לעבּן! ־עכ ן. ־עניש.
איבּערשטרעבּן — שטרעבּ איבּער, ~
געשטרעבּט. אוטוו — אַ סך מאָל שטרעבּן צו
דעם זעלבּיקן ציל אָדער צו פֿאַרשיידענע צילן.

א, צו כלערליי צילן. טרוו — 1. אַרכ.
M□d: i□er־str□ben. טרעטן איבער עפּעס,
אַריבערגיין, אַריבערשפּרײַזן איבער עפּעס.
,,גאָטשׂ גיבאָט ער אויבר שטרעבן וואָלטין,,,
'בנימינס שבת־ליד', באַלד נאָך של"ד [ביר,
ייִבל XIII, 1 ־□]. 2. איבערהאַרן, איבערוואַרטן.
,,ווער עס קען נישט דאָס שלעכטע א, דער
קען נישט דאָס גוטע דערלעבן", שוו (פּד,
גאַליציע).
איבערשטרענג — אַדי. זייער שטרענג,
איבער דער מאָס. א'ער אויפֿזעער. א'ע געזעצן.
־קייט.
איבערשטרעקן — טרוו. שטרעק איבער,
~געשטרעקט. אויסשטרעקן איבער עפּעס
אָדער צו עפּעס. א, אַ האַנט איבערן פּלויט
און אָפּרײַסן אַן עפּל. ,,שפּראַך המן: איך וויל
מײַן האַנט אָן קיינעם א, [= אויסשטרעקן די
האַנט צו טאָן שלעכטס], נײַערט אָן די קינדער
וועל איך צומערשטן אָנהייבן□, ר, אַהרן מטריבֿש,
ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תר,,ג. מיט ז י ך.
איבערשטשאָבען — טרוו. ־בע איבער, ~
געשטשאָבעט. איבערנייען, איבערפֿאַרריכטן אויף
גיך, ווי ניט איז. א, די האַלב־פֿאַרלאָטעטע

הײַזעלעך.

1

איבערשטשעגאָליאַען — טרוו. ־ליאַע
איבער, ~(גע)שטשעגאָליאַעט. סל. ל2. 1.
איבערשטײַגן (אַנדערע) מיט פּראַנטעווען, מיט
פּוצן זיך. „מײַן חיה־עטל האָט זיך גענומען
איינמאָל פּאַר אַלעמאָל א, ווין און בערלין„,
שע, זומער־לעבן. 2. איבערשטײַגן מיט
פּעאיקייט, מאַכן בעסער. „נאָר עס איז אים
אַצינד ניט געראָטן א, סטעמפּעניוס פּידל„,
שע, סטעמ□עניו.

איבערשטשעפּ(י)ען — טרוו. ־פּ□)ע איבער,
~געשטשעפּ(י)עט. פּר. 1. נאָכאַמאָל, אויף
אַן אַנדער אופֿן מאַכן אַ הרכּבֿה. א אַ צווײַגל
,
פֿון אַ קאַרשנבוים. א, דעם קאַרשנבוים.
2. איבערשטעלן פּאָקן. א, אַלע קינדער.

איבערשיבן — טרוו. שיב איבער, ~געשיבט.
פּד, גאַליציע. איבעררוקן. א, אַלע שופֿלאָדן
און זוכן. א, דעם טיש פֿון ווינקל אין דער
מיט צימער. ־עכ□ן.

איבערשיטן — טרוו. שיט איבער, ~
געשאָטן, ~געשיט (פּד). 1. אויסליידיקן,
אַרויסשיטן פֿון איין אָרט, זאַק, האַלטער און
אַרײַנשיטן אין אַן אַנדער אָרט, זאַק, האַלטער. א,
אַרבעס פֿון טאָרבע אין עמער. א, די תּבֿואה
פֿון שפּײַכלער אין זעק. א, מעל אין
פֿונטיקע פּעקלעך. „יעדן אַנדערן טאָג פֿלעגט
[דער כּהן] אײַנשופֿלען די קוילן מיט אַ
זילבערנער כּלי און א, מיט אַ גאָלדענער„, איבז,
משניות כּבֿ ונקי, לעמבערג 1872.
2. (באַ)שיטן צו פֿיל, איבער דער מאָס. א,
זאַלץ פּעפּער, אין געפֿילטע פֿיש. א,
ראָ,
זשינקעס אין טייגעכץ. א, מיט קאָמפּלימענטן.
„מע האָט דאָ די באַטריבטע איבערגעשיט מיט
טויזנדע פֿראַגן„, מ. מ. אויזערקיס, בילדער
...
אויס פֿערשידענע יודישע שיכטען, פּאָדהײַצע
1908. „אַנו פּרוּוו און וויל דיך מיט אַזאַ ייִד
משדך זײַן, וועט ער דיך א, מיט זיידעס,
באַבעס, עלטער־זיידעס, פֿעטערס,...שני־
בשלישים, געקניפּט און געבונדן„, ז. מוירער, זײַ
נישט קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925.
*א, מיט גאָלד = א) צאָלן צו טײַער פֿאַר

עפּעס אַן אַרבעט; ב) צו שטאַרק לויבן.
3. באַשיטן פֿון אויבן. א, די סטעזשקע
מיט זאַמד. א, דאָס טייג מיט צימרינג. „איו
האָב אַליין דאָס געלט פֿאַרפּאַקט און האָב
 איבערגעשיט מיט קאָרן", קמ, 44 1864, No.
„שאַרלאַך דאָס איז אייגנטלעך אויך אַן
אויסשלאָג, אָבער עס זענען נישטאָ קיין בלאָטערלעך,
נאָר די הויט איז איבערגעשיט מיט רויטע
פֿלעקן„, פּראָפֿ, שליינ״ץ איבז, מרפּא לעס,
זשיטאָמיר 1874. 4. פֿאַרשיטן, פֿאַרבײַשיטן.
א, צוקער אויפֿן דיל בײַם אַרײַנשיטן אין
צוקער־פּושקע. א, טאַבעק.
5. אַרומשיטן. שיטן עפּעס צווישן
באַזונדערע שיכטן. „אַרויסנעמען אַלע טעפּעכער...
אַלע ווינטערדיקע מלבושים, נאָכאַמאָל א, מיט
נאַפֿטאַלין„, שע, זומער־לעבן. „מע שיט איבער
[די פֿעלן] מיט צעדרויבלטער דעמבענער קאָרע
און מע גיסט אָן וואַסער„, ע. איזראַ, שיך און
קאַלאָשן, קיִעוו 1928. „לייגט אין רייען די
ציבעלע און...די טאָמייטאָס און יעדע ריי שיט

איבערשיילן

גוט איבער מיט דינע ברויטברעקלעך„,

מישולאָוו, וועגעט, קאָכבוך, נ,,י 1926.

6. ▯ פּעצ פֿאַרריכטן בעטגעוואַנט אָדער אַ ▯

שטרויזאַק דורכן אַרויסשיטן דאָס אינעווייניקסטע (פֿעדערן, פּוך, היי, שטרוי אע), אויסרייניקן און צוריק אַרײַנשיטן אין אַ ציך, זאַק אע. ,,דער מאַטראַצל איז געוואָרן...אײַנגעלעגן און האַרט...האָט ער אים געוואָלט א, אום צו מאַכן פֿיל ווייכער און פּוכקער“, אנדו, פֿייגעלע די עגונה, ווילנע 1875. ,,מע דאַרף א, די קישנס,,, שע, מאָטל. ,,ס'האָט זיך איר פֿאַרוואָלט א, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט“, רייד. ,,האָט אונטער מירלס השגחה איבערגעשאָטן פּוך פֿון איין אײַנשיט אין צווייטן,,, מ. ריבֿקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.

7. רענאָווירן, אָפּפּרישן אַן אַלטן בנין. [דער אויסדרוק נעמט זיך פֿון דעם מין בויען אַ וואַנט וואָס איז באַשטאַנען אין אַרײַנשיטן צווישן ברעטער פּאָלאָווינעס, ערד אאַ. מע האָט געדאַרפֿט נאָכן פֿאַרלויף פֿון אַ געוויסער צײַט צום טייל אַרויסנעמען דעם מאַטעריאַל צווישן די ברעטער און אַרײַנשיטן נײַעם.] *א, אַ וואַנט = אויך. אַרומלייגן מיט ציגל. *א אַ

. ,

פֿונדאַמענט = פֿאַרפֿעסטיקן מיט שטיינער,
מיט ציגל, מיט קלעצער. א, אַ שטוב. „נאָר
אַזוי ווי קיין שול וואַלגערט מען ניט אום,
וואָלט איך געהייסן מע זאָל א, די ווענט□,
שע פֿון כתרילעווקע. „אַ הויז מוז מען אויך
,
אַמאָל א,, די פֿונדאַמענטן מוז מען
איבערקוקן, צי זיי פֿוילן נישט“, פּרץ, 'ר, שלמהס
מעשׂהלעו□.

8. באַגיסן, איבערגיסן. „דיא (נשי□) און,
(בתולות) דיא דא קנעטן טרייַבן אַלי (חוצפּת),
געבן ניט אַכטונג אויף אירן קנעטן, לאָזן
זיך איבר שיטן מיט וואשׂר,,, עפּש, ס□דור
תּפֿילות, אַמשט תּק“ח. 9 פֿיג. לויט ב2.
.
א, די דרשה מיט צו פֿיל פּסוקים. א, דעם
אַרטיקל מיט שווערע ווערטער. “מחמת דער
דאָקטער האָט ליב איבערצושיטן זײַן שפּראַך
מיט זייער פֿיל היכע ווערטער,,, ש□, אידישע
ראָמאַנען.

1O. דורכנישטערן. אויך: דערמאָנען אַ צאָל
און באַרעדן. א, די שופֿלאָדן און זוכן עפּעס.
א אַלע שכנות בײַם פֿליקן פֿעדערן. „אַז מע

'
האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאַנצע שטעטל, רעדט מען פֿון 'וואָס אַמאָל איז געווען, און הײַנט איז נישטאָ,,, פּרץ, 'קלאָץ־געשיכטן'.
מיט ז י ך — אויך: ווערן אַנדערש, ווערן ווײַבער, מער צוגעטאָן. ,,אויף דער עלטער האָט ער זיך איבערגעשאָטן און שמייכלט אַמאָל,,, רייד ־עכץ. ־עניש.

.

איבערשיטעוודיק — אַדי. וואָס מע קען (לאָזט זיך) איבערשיטן. א'ע מאַטעריאַלן. א'ע פּירות. ־יקייט.

איבערשייגעצן — טרוו. ־געץ איבער, ~ געשייגעצט. איבערשטײַגן עמעצן אין שקאָצערײַען. ,,דער ייִנגערער שייגעצט נאָך איבער דעם עלטערן, וואָס איז אויך דער אמתער קונדעס", רייד.

איבעדשיילן — טרוו. שייל איבער, ~ געשיילט. שיילן (שאָלעכץ, קאָרע אע) נאָכאַמאָל,

איבערשײַן

אויף אַן אַנדער אופֿן. שיילן אַ סך. א, די מערן. ,,וויפֿל קאַרטאָפֿל עס איז מיר

אויסגעקומען איבערצושיילן אין קאַזאַרמע־קיך„..
־עכץ. ־עניש.
איבערשײַן — דער (די), ־ען. שטאַרקערע
שײַן.
איבערשײַנען — שײַן איבער, ~געשײַנט.
טרוו — 1. שײַנען מער, שײַנען שטאַרקער.
עלעקטרע שײַנט איבער די סטעאַרין־ליכט.
2. זיך אַרויסהייבן, זיך אויסטיילן פֿון
אַנדערע מיט שענערער הלבשה, שענערן פּוץ.
א, מיט דעם נײַעם קלייד אַלע מיידלעך אויפֿן
באַל. אוטוו — 1. שײַנען און אויפֿהערן.
שטראַלן פֿון ווײַטע זונען וואָס האָבן שוין
איבערגעשײַנט. 2. שטאַרק שײַנעז. א, פֿוו
פֿרייד.
איבערשײַערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געשײַערט. 1. שײַערן נאָכאַמאָל, בעסער. א,
די הילצערנע פּאָדלאָגע. א, די כּלים. א, די
לײַכטער פֿאַר ליכט־בענטשן. 2. שײַערן אַ סך.
א, דאָס פּסחדיקע זילבער. ־ונג. ־ניש.
איבערשיכור — אַדי. שטאַרק שיכּור, שיכּור
איבער דער מאָס. אויך: אײַנגעגלייבט (אין
עפּעס) ביז אַ צושטאַנד פֿון א'. „ליכט איז
אַ טײַער וואָרט...עס קען באַפֿרידיקן סײַ די
א'ע מיסטיקער און סײַ די איבערניכטערע

וויסנשאַפֿטלער,,, בֿ. ריווקין, אַ גלויבֿן פֿאַר
אומגלייבּיקע.
איבּערשיכּורן — שיכּור איבּער, ~
געשיכּורט. אוטוו — שיכּורו אַ לענגערע צײַט
אין פֿאַרשיידענע ערטער. א, אין אַלע שענקען.
טרוו — מאַכן עמעצן שטאַרק שיכּור.
צושטעלן, געבֿן צו טרינקען אַלקאָהאָל איבּער
דער מאָס. א, דעם שמשׂ אום שׂמחת־תּורה.
פֿאַר זיי איז אַן עסק...שענקען האַלטן, א,
,,
דעם גוי,,, בֿ. א. זאָבּיעזענסקי, די שווערע
צײַט III, וואַרשע 1887. מיט ז י ו. ,,און
געבֿן אים בּראַנפֿן ער זאָל זיך אַזש א,
טרינקענדיק,,, ח. ד. גילדענבּלאַטט, בּײַ'ן tטן אין
האַנד, ווילנע 1895. א, זיך פֿון (מיט) דערפֿאָלג.
־ונג.
איבּערשיכטן — טרוו. שיכט איבּער, ~
געשיכט. 1. איבּערלאָדן, איבּערלייגן אַ שיכט
פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן. א, פּרוכטן, כּדי
די וואָס קענען גיכער קאַליע ווערן זאָלן זײַן
פֿון אויבֿן. ,,עס קומט אויס אַראָפּנעמען פֿון
בּאָדן שטיין נאָך שטיין. מע מוז ממש א,
פּלאַסטן ערד“. 2. איבּערקלאַסיפֿיצירן;
אַריבּערפֿירן פֿון איין בּאַשעפֿטיקונג צו אַ

צווייטער. א, די שוואַרצאַרבעטער צו אַ מלאָכה.
א, לופּטמענטשן אויף פּראָדוקטיווער אַרבעט.
3. איבערגרופירן. אַריבערפּירן אין אַן אַנדער
אָרט. א, די דאָרפּישע באַפּעלקערונג אין שטעט.
א, די שולן, די תּלמידים זאָלן זײַן פּון
פּאַרשיידענע ראַסעס. מיט ז י ך — ייִדישע
שטעטלשע אײַנוואוינערס האָבן זיך איבערגעשיכט.
־ונג — „גרויסע ייִדישע געגנטן...מאַכן איצט
דורך א'ען וואָס לאָזן איבער די שולן פּוסט
און ליידיק", ניסן גאָרדאָן, טמז, 1965 II י 22.
־עניש.

1()22

איבערשילדערן — טרוו. ־ער איבער, ~
געשילדערט. 1. שילדערן נאָכאַמאָל, פּונדאָסניי.
„ער אַליין צווינגט אונדז איבערצושילדערן דאָס
געשטאַלט...וואָס דער שריפּטשטעלער האָט
געהאָלפֿן שאַפֿן„, יג, תּוך 2 .I. שילדערן (מאָלן,
באַשרײַבן) מער ווי ס'איז אין דער
ווירקלעכקייט. איבערכאַפּן די מאָס בײַם שילדערן. א,
די אידילישקייט פּון אַמאָליקן שטעטל. ־ונג.
איבערשילטן — ← איבערשעלטן.
איבערשימלען — ־מל איבער, ~געשימלט.

אוטוו — ווערן דורכגענומען פֿון שימל. „אַפֿילו די סוכאַרעס האָבן איבערגעשימלט און ס'איז ניט געווען וואָס צו עסן„, רייד. טרוו — מאַכן עס זאָל שטאַרק שימלען. א, קעז ־עניש.

.

איבערשימערירן — אוטוו. ־ריר איבער, ~(גע)שימערירט. פּפֿ: ~שימערן.
שימערירן און אויפֿהערן. איר גלאַנץ וועט באַלד א'. ־וננ.
איבערשינדלען — טרוו. ־דל איבער, ~ געשינדלט. פֿונדאָסנײַ באַדעקן דעם דאַך מיט שינדלען. „דערנאָך האָט ער אויסגעווײַסט דעם קוימען און איבערגעשינדלט דעם דאַך, זש.
איבערשיסן — שיס איבער, ~געשאָסן.
אוטוו — 1. שיסן נאָכאַמאָל. ניט טרעפֿן אין ציל און מוזן א'. 2. מיטאַמאָל אַרויספּלאַצן (פֿון ערגעצוואו). מע האָט געעפֿנט אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער און עס האָט איבערגעשאָסן. „אויך קומט עז [עפּילעפּטישער אָנפֿאַ] ווען איינער איין גרוישֿר רגזן איז דז דיא גאַל איבּרשיסט„, סור. טרוו — 1. שיסן ווײַטער ווי דער ציל. א, דעם ציל. 2. שיסן אַ צאָל, אָ סך. א אַלע וועלף. 3. דורכשיסן. א אַ פֿוס.

, ,

4. אַרכ. איבּערשטײַגן עפּעס אָדער עמעצן.
„האבּין מיר מוזין אשתּו ובֿניו מפֿרנס זײַן,
דאַר מיר דאָך ניט גיוואושׂט האבּין איבּ הרווחי,
זוא פֿיל ווערין איבּר שיסין„, גה 122.
מיט ז י ך — קזוו. „טאָג און נאַכט האָט
מען זיך איבּערגעשאָסן, פֿון שיינעם
האָטעלבּנין זײַנען געפֿלויגן שטיקער פֿענצטער„, סעג,
פֿון רוסלאַנד, וואַרשע 1920. פֿיג: זיך לײַכט
קריגן, זיך אַרײַנזאָגן שטעכווערטלעך. „ייִדן!
טאָמער וואָלט איר אויפֿגעהערט זיך א, מיט
ווערטער?„, שע, אָרעמע און פֿריילעכ□ .
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבּערשיפּלען — טרוו. ־פּל איבּער, ~
געשיפּלט. אַריבּערפֿירן מיט אַ שיפּל. א, די
קינדער צום צווייטן בּרעג. „האָט מען אונדז
אין דער פֿינצטער אַרײַנגעזעצט אין קליינע
שיפּעלעך...און מ'האָט אונדז איבּערגעשיפּלט
דעם בּרייטן טײַך דניעסטער„, פּ. וודאָי, טמז,
16 □ 1963 I. מיט ז י ך — אַ בּיסל זיך
שיפּלען (אויך: אַ לענגערע צײַט זיך שיפּלען).
־עניש.
איבּערשיפּן — טרוו. שיף איבּער, ~געשיפּט.
אַריבּערפֿירן מיט אַ שיף איבּער אַ וואַסער.
א, סחורה. א, די פּליטים. מיט ז י ך —

,,זיי האָבן זיך געדאַרפֿט א, איבער גרויסע...
שטראָמען וואַסער“, אמד, החיים הנצחיים,
וואַרשע 1878. ,,זיי זײַנען בײַ זיך געוואָרן אַזוי

איבער שכס און...

שטאַרק, אַז א, זיך דעם ים, האָט זיך זיי
געדאַכט, איז אַ שפּיל,,, ממוס, מסעות.
־ו׳ג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)
— ,,איך ווייס אַ זיסקייט פֿון זײַן רײַף און
גרייט, אַ בענקשאַפֿט נאָך דעם לעצטן א',,,
מ. טקאַטש, זון איבעך אַלץ, נ,,י 1936.
איבערשיקן — טרוו. שיק איבער, ~
געשיקט. 1. ווידער שיקן, אָפּשיקן, צושיקן עפּעס
צו עמעצן דורך פֿאַרמיטלונג (פּאָסט, שליח,
טראַנספּאָרטאַציע־מיטל אאַ). א אַ בריוו. א,
,
אַ גרוס. א, דעם מאַנוסקריפּט צוריק צום מחבר.
,,און, דעם שׂר דיא זובליקציאָן איברשיקט,,,
גה, 380. ,,זאָל די געלטער...קיין ארץ־ישׂראל
א, דורך זײַן מחותן,,, יפּ. ,,איבר שיקה היר
בײַא איין לישׂט פֿון זאטליר סחורות“, פּב,
1764 [פּובל, פֿון אַמ, היסט, געז, ׳וXXXI].
,,דער מאָגן האָט דאָס אַלצדינג גענעמען בײַ

דער מילך און האָט עס איבערגעשיקט דעם

בלוט", וו. און ס. איבז, די מע□ה פֿון דעם
שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869. *א, אויף
יענער־וועלט = א) דערהרגענען. ,,די פּאַר
ברעכערס האָבן איינעם פֿון זייערע אייגענע
איבערגעשיקט אויף יענער־וועלט", רייד; ב)
אָפּלאַכעריש, גראָב. אָפּזאָגן זיך צו באַצאָלן.
,,וואַרט אַ ביסל, איך וועל דיר דעם חובֿ א,
אויף יענער־וועלט,,. 2. שיקן אַ סך, אַ
גרויסע צאָל. שיקן אַ סך מאָל. ,,געגוג ווייץ,
גענוג אינדיקעס האָט ער אַלע יאָר אויף פּסח
אונדז איבערגעשיקט", ממוס, שלמה. ,,...פֿון
אַזוי פֿיל געלט וואָס איך האָב איר

איבערגעשיקט□, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895.
3. אַרויסברענגען, אַרויסזאָגן עפּעס עמעצן
מיט אַ בליק, שמייכל אדגל. א אַ בליק פֿול

,

מיט ביטול. א אַ לופּטקוש. ,,ווי אַזוי זיי
קרי,
מען זיך, וואַרפֿנדיק מיט די אייגעלעך און
שיקן איבער איינע דער אַנדערער זיסע
גיפּטיקע שמייכעלעך", ממוס, שלמה.
4. איבערגעבן אַן ענין אויף עמעצנס באַראָט,
צו אַן אַנדער אינסטאַנץ. א, דעם סכסוך דעם

עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. א, דעם משפּט (צו) דעם העכסטן טריבונאַל. „דרויף העט דשׂ פּאַרלימענט אורדנירט מן זאָל דז גנץ משפּט למלך יו„ה איבּר שיקן“, 'כּ„י פֿון מעצער עלילתדם', [פֿש III].

5. אַרכ. בּאַלעסטיקן, שיקן זוכן. „וישלח — איבּר שיקן אים דיא צוויי ווײַבּר וואו דער פּאָלאַק איזט“, אַשכּנז.

מיט זיך — קזוו. זיך א, צעטעלעך.

~שיק, דער. „אַן א, פֿון מצות קיין סאָוועטן־פֿאַרבּאַנד„, טמד, 27 I 1965. ־ונג — „דיא איבּר שיקונג זויא זער מזרז איזט„, אגרת שלמה, ח/ב. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין ־קע). ־ערײַ.

איבּערשבּורן ←— איבּערשיכּורן.

איבּער שכם און איבּער יוסף — אָדוו פֿראַזע. < רשי: 'בּעצה אַחת על שכם ועל יוסף, צום פּסוק 'שמעון ולוי אַחים, (בּראשית, מט, 5). „שמעון אונ, לוי בּרידר אין איין עצה איבּר שכם אונ, איבּר יוסף„, טח, דאָרטן. געניצט מיטן בּ: א) וועגן כּלערליי ענינים, זאַכן וואָס האָבן ניט קיין שײַכות צום ענין.

יבערשלאָגI

רעדן א, ש, א, א, י, און ניט ענטפֿערן צו
דער זאַך. פֿלאַפֿלען אָן אַ טאָלק א, ש, א, א, י'.
,,דאָס גרויסע שטיק מחזור פֿאַר דער קדושה
פֿאַרלירט אַ פראָסטער ייִד טאַקע די כּוחות
— ...
...מע פֿליט א, ש, א, א, י"", דער יודישער
אַר־פּסח, וואַרשע 1881; בּ) מיט געטומל,
מיט קריגערײַ און געשלעג. ,,[דער מײַנסטער]
פֿלעגט קומען...זייער אָפֿט העכסט שיכּור און
דאַן פֿלעגט עס צוגיין ווי אונדזער אַלטער
ייִדישער שפּריכוואָרט זאָגט: א, ש, א, א,
יאָזעף. עס פֿלעגט אים ניט געפֿעלן די
וועטשערע, פֿלעגט ער עס פֿאַרשמײַסן צום
בּאָדן...און דאַן פֿלעגט ער לויז צו גיין מיט
שטאָק און אייל איבּער דער פֿרויס רוקן,,,
אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע תּרל"ח.
איבּערשלאָג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איבּערשלאָגן. געדיכטער א
מיט נעגל. 2. איבּעררײַס. הפֿסקה, אָפּשטעל
פֿון אַ טעטיקייט. אַן א, אין דער אַרבּעט, אין
לערנען. ,,וואָס האָט אַ גאַנצע שעה, אָן שום

א'...גערעדט און געענטפֿערט אויף פֿראַגעס,,,
יג, טמז, 9 1964 X. ,,און דאָ איז
אונטערגעשפּרונגען דער פּסח און האָט אָנגעמאַכט
אַ שטיקל א',,, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ. ,,זי פֿלעגט
טאַקע גרינג און זייער גראַציאָזנע טאַנצן, אַן
א, איבער קאַוואַליִערן האָט זי קיינמאָל ניט
געהאַט. אַלע פֿלעגן זי כּסדר איינלאַדן,,, ש.
ש. גרינפֿ▯לד, די ארמע געבילדעטע, ווילנע
189▯.

3. מהומה, צעטומלעניש. בכלל מניעה, שטער,
עיכּובֿ. אַן א, ווען מע האַלט שוין בײַם
דערגרייכן דעם ציל. ,,אין שׂשׂון בלי אָסון...
אויף אַ שׂמחה מוז זײַן אַן א, אום [דער מענט▯]
זאָל ניט צופֿרידן זײַן,,, י. אָרנשטיין, רעיונות
י▯ראל, יאַס 1893.

4. (שנײַדערע) אַן אַנדער מין שטאָף, אַן
אַנדער קאָליר אין אַ מלבוש, ספּעצ אין אַ
פֿרויענקלייד אָדער בלוזע. אויך אַ בענדל אָדער
אַ פּאַס אַרויפֿגענייט אויף אַ (פֿרויען־)מלבוש.
אַ בלוזקע מיט אַן א'. 5. שלעקל, דעסן. אַן
א, פֿון אויבן. אַן א, פֿאַר (אויף) די טאַפּעטן.

6. קורצער, מאָמענטאַנער איבעררײַס אין
דעם קלאַפּן פֿון האַרץ. ,,לאָזט צו רו די

דאָזיקע א'ן, דאָס האַרץ קאָן יאָרן־לאַנג פֿאַרטראָגן
אַזוינע שטערונגען אָן קיין שום שאָדן פֿאַרן
חולה,,, פֿגעז, ווילנע 15 1931, No.
7. (מוזיק) פּאַוזע און אַריבערגאַנג צו אַן
אַנדער טעמפּאָ. 8. (מאָלעריי) בולטער
איבערגאַנג צו אַן אַנדער קאָליר. אַן א, פֿון געל
צו רויט.
איבערשלאָגן — טרוו. שלאָג איבער, ~
געשלאָגן. 1. שלאָגן אַ סך, אַ צאָל. שלאָגן
אַ סך מאָל. א אַלע חדר־ייִנגלעך. 2. שלאָגן
נאָכאַמאָל, שטאַרקער. ,,איך זע אַז מע דאַרף
דיך א', שלאָגן איין מאָל העלפֿט ניט,,, רייד.
3. אַרויפֿשלאָגן, אַרײַנשלאָגן פֿון אויבן. א,
דעם קאַסטן מיט נעגל. א, די טיר מיט בלעך.
4. צעהאַקן, צעקלאַפּן. איבערהאַקן. א, מיט
אַ שטעקן די גלעזער, די שויבן. א, דעם קאָפּ.
5. מאַכן אַ באַוועגונג פֿון איבערהאַקן. צוויי
גיבן זיך תּקיעת־כּף און אַ דריטער שלאָגט
איבער (ווי אַן עדות, כּדי צו פֿאַרשטאַרקן

רייד, אָפּמאַך, צוזאָג אע). *א, מיט אַ צ י צ ה
= בײַם געבן תּקיעת־כּף אַריבערוואַרפֿן אַ ציצה
פֿון אַרבע־כּנפֿות איבער בײדנס הענט (כּדי
צו פֿאַרפֿעסטיקן, צו מאַכן פֿײַערלעכער, כּדי
עס זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ נדר, ווי מע
וואָלט זיך געשוואָרן). [געווען פֿאַרשפּרייט בײַ
חדר־ייִנגלעך] ,,איטלעכער גיט אים די האַנט
תּקיעת־כּף, א'דיק מיט אַ ציצה“, ממוס, ווינטשפֿ.
,,אויסערדעם האָבן זיי זיך געשוואָרן בײדע
בײַ גאָט און איבערגעשלאָגן מיט אַ ציצה,,,
שע פֿונעם יאַריד. ,,אַ שטרײַק קעגן
רעדאַק,
טאָרן. זיי [= ייִדישע שרײַבע] האָבן זיך
אָפּגערעדט, געמאַכט יד אַחת, איבערגעשלאָגן
מיט אַ ציצה,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
,,אַרײַנגערוקט די האַנט און געמוזט
אַרויסקריגן אַ ציצה צום א,,,, א. ו. אַלטמאַן, דער
פֿאַבריקאַנט, ווילנע 1893.
6. אויסקלאַפּן, דורכטרייסלען,
איבערשאָקלען. א, בעטגעוואַנט, עס זאָל זײַן באַקוועמער
צום שלאָפֿן. א, פֿעדערן, פּוך, היי אע, כּדי
צו באַקומען אַ גלײַכע פֿאַרטיילונג, אָן קנוילן.
,,האָט זי אים אַפֿילו איין מאָל דעם קישן ניט

איבערגעשלאָגן,,, בערג, אָפּגאַנג. 7.
איבערקלאַפּן מיט אַ קלאַפּער, מיט אַ שטעקן. א,
דעם טעפּעך. א, די מלבושים און זיי גוט
אויסשטויבן. ,,זומער דאַרף מען א, דאָס ווייכע
מעבל אַלע טאָג“, שע, זומער־לעבן. 8.
איבערציִען. א, די פּערענע מיט אַ נײַער ציך.
א, דאָס מעבל מיט געבלימלטע איבערציִען.
9. באַשלאָגן, באַדעקן מיט עפּעס (עס זאָל
בעסער זיך האַלטן, אויסזען שענער). א, דעם
שרײַבטיש מיט אַ גרינעם טוך. א, דעם
פֿאָטעל מיט לעדער. ,,האָט זי געהייסן אירע
מענטשן אַז מע זאָל א, די ווענט מיט אַנדערע
אָבאָיעס,,, איסטאָריע.
10. פֿאַרמישן, אַרײַנמישן אין אַ געקעכטס,
עס זאָל ווערן באַטעמטער. א, אַ זופּ מיט אַן
איי. א, דעם באָרשט(ש) מיט סמעטענע און
מיט אייער.
11. איבעררײַסן אַ טעטיקייט, אַ טועכץ.
איבעררײַסן אַ צושטאַנד, אַ סיטואַציע. א, די
אַרבעט. א, עמעצן אין דער אַרבעט. א, די
שטילקייט מיט אַ פּלוצעמדיקן אויסגעשריי.
א, די שטימונג. ,,דער רעגן וואָס האָט
געגאָסן האָט אים ניט איבערגעשלאָגן [די נסיעה],,,
דער פֿאַרביטענער, וואַרשע 1882. ,,איז זי שטיל,

אומבאַמערקט צו אים צוגעגאַנגען, אים
איבערגעשלאָגן די אַרבעט„, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש
I. „נאָר שלאָגט מיך נישט א, [אין דער
אַרבעט], אַז נישט וועט זײַן שלעכט, ווײַל איך
בין זייער אַן אויפֿגערעגטער“, נאַד.

12. איבעררײַסן עמעצנס רייד. אַרײַנפֿאַלן
עמעצן אין די רייד. אויסדרוקן פֿון איידעלן
אופֿן איבעררײַסן, ספּעצ ווען עמעצער
באַקלאָגט זיך: „איך שלאָג אײַך איבער די (
אײַערע) רייד — איר זאָלט האָבן נחת און פֿרייד„;
„איך שלאָג אײַך איבער די רייד — איר
זאָלט פֿאַרגעסן אין אײַערע לייד“. א, דעם
רעדנער מיט אַ פֿראַגע. „א, אַן עלטערן —
אַ סימן פֿון אומדרארץ„, רייד. „דאָס וואָס
דער מאַרשאַלעק איבערשלאָגט [נ□] די דרשה
דעם חתן אויף דער חתונה איז פֿון דעם

שטייאיבערשלאָגן

גער וואָס משה רבינו האָט די לוחות
צעבראָכן“, יפֿ. „גוט, שלאָגט איר רודאָלף איבער
איר וואָרט, איצט מעג איך מײַנע זאָרג
פֿאַרטרײַבן„, עט, לידער. „בנימין הערט אַלצדינג
געדולדיק אויס, ניט איבערצושלאָגן די וייד„,

ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ״לאָז איך אים ניט און שלאָג אים איבער מיט אַ גלײַכוועדטל״,

ש□ג, נובֿיה. „אַך..., שלאָגט ער מיר איבער □ ן. טעלעפֿאָן, איר זענט נאָך אַלץ אַ פּרא־אָדם״, בערג, בײַס דניעפּער II.

13. מבֿלבל זײַן. אַראָפּשלאָגן פֿון

געדאַנקען□גאַנג. א, די רעיוגות. „מע האָט אים איבערגעשלאָגן סאַמע די בעסטע געדאַנקען„, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. „דאָך אַנדערע מחשבֿות האָבן מיר איבערגעשלאָגן„, פּרץ, 'אין פּאָסטוואָגן'.

14. שטערן, שאַפֿן אַ מניעה. „...האָבן אָנגעהויבן זיך צו דראַפּען מיט זייערע לאַנגע נעגל. מיר האָבן זיי ניט געוואָלט א, מיט אונדזערן אַ שאָס„, אמד, די וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע 1868. „די קליידער דאַרפֿן דעם קינד

ניט א, אַ קינד צו זײַן□, קמ, 8 1870, No. „מײַן פֿעטערס חטא שלאָגט מיר איבער דעם וועג אויף דער וועלט„, אליהו דאַץ, דער געלט שידוך, וואַרשע 1879.

15. קאַליע מאַכן. א, עמעצנס שׂמחה מיט אַן אומגעריכטער שלעכטער בשׂורה. ״איז ער אַוועק פֿון ר, שלמהלעס הויז אַ צעטראָגענער

אַז דאָס וועט אים א, זײַן פּרנסה,,, ש.
בּעקערמאַן, טרײַעך משרת, וואַרשע תרמ״ג.
16. איבּערשטײַגן מיט העכערן אָנבּאָט בּײַם
קויפֿן אָדער מיט נידעריקערן פּרײַז בּײַם
פֿאַרקויפֿן. א, די פּרײַזן. א, דעם קאָנקורענט. ,,גייען
זיי ווי אויף אַ ליציטאַציע, איינער שלאָגט
איבּער דעם אַנדערן וּבפֿרט דער וואָס דאַרף
נאָך נעמען קרעדיט,,, קמ, 29 l864, No. ,,אַפֿילו
אויף דעם פֿינצטערן בּרויט וואַרפֿן זיך מער
ווי מע דאַרף ייִדן און קריסטן, און איינער
שלאָגט איבּער דעם אַנדערן,,, יופֿאָל, 1885,
.No 21
17. קאָנפֿיסקירן. לייגן אַן אַרעסט אוי̈ף
בּאַזיץ פֿאַרמעגן. א, די סחורה פֿון קרעמל
פֿאַר ניט צאָלן קיין שטײַערן. א, קאָנטראַבּאַנד.
18. (סוחריש) אינווענטאַריזירן, מאַכן אַן
אינווענטאַר. א, אַלע סחורות. א, אַלץ וואָס
איז דאָ אין שפּײַכלער. א, סוף יאָר די
גאַנצע קראָם.
19. (שנײַדערײַ) מאַכן עס זאָל ניט זײַן
פֿון איין מאַטעריאַל אָדער פֿון איין קאָליר.
א, דאָס קלייד מיט אַ רויטן פּאַס פֿון אונטן.
אויך: אַרויפֿנייען אַ בּאַנד, בּענדל. א, די בּלוזקע

מיט אַ סטענגע.

2o. (שנײַדערײַ) דורכציִען אַ ווײַסן פֿאָדעם (פֿאַסטריגע) אויף אַ ליניע, אָנגעצייכנט מיט קרײַד אויף דעם שטאָף וואָס אין דער אַרבּעט. א, די רעכטע פּאָלע, דעם אַרבּל אאַזוו. 21. (מאַליערײַ) מאַכן אַ שלעקל, אַ דעסן. א, פֿון אויבּן מיט פֿייגעלעך.

22. (מוזיק) איבּערגיין פֿון איין ניגון צו אַ צווייטן אָן שום פּאַוזע. אויך: מאַכן אַ פּאַוזע און אַריבּערגיין אויף אַן אַנדער טעמפּאָ. א, אַ ניגון. א, די טאַנץ־מוזיק. א, (בּ□)

איבּערשלאָגן זיך

23. (מאָלערײַ) שאַרף, בּולט אַריבּערגיין פֿון איין קאָליר צו אַ צווייטן. א, בּלוי מיט רויט. אַ פּאָפּורי.

24. (קאָרטנשפּיל) שלאָגן מיט אַ גרעסערער קאָרט אָדער מיט אַ טרומף. א, דעם טויז מיט אַ צווייטל טרומף. א, אויף (דעם) מזל, ← איבּערקלאַפּן, בּ1.

25. אַרכ. פֿאַרבּייגן, אַריבּערבּייגן. ,,אַזו נעמט מן די פֿולטער איז גלײַך אַז איין לײַלך, און, אויבּן בּײַא דעם קאָפּ [פֿונעם בּר־מינן] שלגט

מן עשׂ איבּר אַז וויא איין קראַגן פֿון איין
מנטל,,, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החייס, קיטן תּע״ז.
איבּערשלאָגן זיך — קזוו & רעפֿל. ← דפֿוו.
1. שלאָגן זיך מיט אַ סך. ,,ער האָט זיך
איבּערגעשלאָגן מיט אַלע ייִנגלעך,,, ממוס,
ווינטשפֿ. 2. נאָכאַמאָל שלאָגן זיך אין אַ
פֿאַרמעסט. א, זיך מיטן זעלבּיקן טשעמפּיאָן.
3. זיך אַליין אַרײַנפֿאַלן אין די רייד מיט
אַן אַנדער ענין. ,,וואָס קוקט איר מיך אַזוי
אָן? — שלאָגט ער זיך אַליין איבּער,
דערזעענדיק אַז איך בּין שטאַרק פֿאַרוואונדערט״,
ממוס, שטורעמצײַט.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.
איבּערשלאָגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס שלאָגט איבּער (אין אַלע בּבֿ).
2. ווידערשפּעניקער, אייבּיקער קאַפּויער־זאָגער.
,,די פּרינצעסע האָט זיו ערקונדיקט אַז איר
זײַט איר א'ין...האָט זי אונטערגערעדט אַלע
אירע פֿרעלינעס זיי זאָלן אײַך פֿאַרגיפֿטן״,
ג, ל, כ, ז, [איבּז], קאַמבּער מיט דער
פּרינצעסין אַרעסיניע, ווילנע 1870. 3. שעטנז,
אַרײַנגעוועבּטער פֿאָדעם ניט פֿון דעם זעלבּיקן
מין וואָס דער שטאָף (פֿלאַקס אין וואָל). 4. (
וועבּערײַ) שפּונדל אין דער וועבמאַשין וואָס ציט

אַרײַן אַ זײַטיקן פֿאָדעם.
איבערשלאָפֿן — אוטוו & אַקוזוו. שלאָף
איבער, ה אָ בּ & בּ י ן ~געשלאָפֿן. 1.
שלאָפֿן אַ קורצע צײַט; ווי ניט איז דורכשלאָפֿן אַ
באַשטימטע צײַט. א אַ פּאָר שעה. א אַ נאַכט

אין אַ צווייטקלאַסיקן האָטעל. א, די גאַנצע
לעקציע. 2. שלאָפֿן מער, לענגער ווי מע
וויל און פֿאַרשלאָפֿן. דורכלאָזן אַ געלעגנהייט.
א, שחרית. א, די צײַט ווען מע דאַרף גיין
צו דער אַרבעט. א, אַ גוטן מסחר. „נאָר מיר
רוסיסע ייִדן האָבן עס אַלץ איבערגעשלאָפֿן,
און דאָס מאַכט אַלץ ווײַל מיר לייענען קיין
צײַטונג און מיר ווייסן גאָרניט וואָס עס טוט
זיך אויף גאָטס וועלט„, אמד, שוד ורצח,
ווילנע 1880. 3. שלאָפֿן, ניט געקוקט אויף אַ
שטערונג. א, דעם גאַנצן טומל. א, ווי אַ
געהרגעטער און ניט וויסן אַז אין שכנישן
הויז איז געווען אַ שׂריפֿה. *א, אין די זאַכן
= א) ניט אויסגעטאָנענערהייט; בּ) זײַן תּמיד
פֿאַרשלאָפֿן.
מיט ז י ך — 1. זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף.
„דאָס מיליטער, די ריזן, ווי זיי האָבן זיך
איבערגעשלאָפֿן, האָבן זיי געזען ווי אַלע

שלעסער זענען צעבראָכן“, פֿמ [בײַ אונז יודן, וואַרשע 1923]. 2. דזוו איבערשלאָפֿן, בּ1.
א, זיך כאָטש איין שעה. „ער האָט צו זיי
געזאָגט אַז זיי זאָלן עסן און טרינקען און

1()24

ער איז מיד, וועט ער זיך אַ ביסל א',,,
אַגאַנץ נאַײע שיינע מע▯ה פֿון דעם
באַהאַלטענעם חכם, וואַרשע [יאָר?]. „אַן אַלטע
מחלוקת צווישן דאָקטוירים...אַנדערע פֿון זיי זאָגן
אַז עס איז זייער געזונט און ניציק
איבערצושלאָפֿן זיך אַ ביסל נאָך מיטאָג“, איש
יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער,
פּעטערבורג 12 1900, No.
3. זיך גוט אויסשלאָפֿן. „קאָלאָמבאָס...האָט
אָנגעזאָגט דעם שטייערמאַן...ער זאָל ניט
אַוועקגיין פֿון דעם רודער, ביז ער וועט זיך ניט
א',,, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח, באַרדיטשעוו
.1817
4. באַזינען זיך, איבערלייגן זיך (וועגן אַן
ענין). א, זיך און אָננעמען אַ באַשלוס. *א,
זיך מיט די צרות = צוגעוואוינען זיך צו
די צרות, רעזיגנירן פנים־אַל־פנים מיט אַ נײַער

צרה. 5. אייפֿ, געוואָרן אומאיידל. א, זיך מיט אַ מאַן, מיט אַ פֿרוי = האָבן סעקסועלן פֿאַרקער.
~שלאָף, דער. אַ קורצער א'. ־עכץ. ־עניש.
איבערשלאַק — דער, ־ן. אייבערשטער טייל פֿון מלבוש (היפּוך: אונטערשלאַק). אויך: אַ שטיק שטאָף אָנגענייט אויף אַ מלבוש. אויך: באַדעק, צודעק. אַן א, פֿון זײַד. „די רויטע א'ן פֿון די קאָזאַקישע פּאַפּאַכעס„, מ. גראָסמאַן איבז, פּאַסטערנאַק, דר, זשיונאַגאָ, היימיש, כיסלו תּש„ד.
איבערשלוכצן, ~שלויכצן — אוטוו. שלו(י)כץ איבער, ~געשלו(י)כצט. אויך: ־צען. אַ לענגערע צײַט, אַ סך שלוכצן, כליפּען. א, ווי אַ קינד וואָס זוכט די מוטער. ־עניש.
איבערשלומערן — דזוו איבערדרעמלען (←.).
איבערשלוקערצן — אוטוו. ־קערץ איבער, ~געשלוקערצט. אויך: ~שלוקעכצן. אַ לענגערע צײַט, אַ סך שלוקערצן, היקען. "־.— נו, וואָס טוט ער איצט? — גאָרניט. ער פֿאַתעמט זיך מיט א, נאָכן פֿעטן מיטאָג", רייד. מיט ז י ך — שלוקערצן און אויפֿהערן.
איבערשליאַמעווען — טרוו. ־מעווע איבער,

~געשליאַמעוועט. (קצבֿיש) איבערשאָבן, אַרומשאָבן קישקעס אויף ריין. א, די קישקעס.

איבערשליאָנדערן, ־דרעווען — אַקוזוו & אוטוו. ־ער, ־דרעווע איבער, ~געשליאָנדערט, ־דרעוועט. נאָכאַמאָל, ווידעראַמאָל גיין הין און צוריק, אָן אַ באַשטימטן ציל. א, (איבער, אויף) די גאַסן. מיט ז י ך — אויך: אַרומשליאָנדערן זיך און אויפֿהערן.

איבערשליטלען — טרוו. ־טל איבער, ~ געשליטלט. אַריבערפֿירן אויף אַ שליטל. א, די געסט ביז צו דער באַן־סטאַנציע. מיט ז י ו — שליטלען זיך אַ ביסל, אַ קורצע צײַט צוליב פֿאַרגעניגן. "וויל ער זיך, דער באַלעבאָס, א, איבערן פֿריש־געפֿאַלענעם שניי",,, פּרץ, געדאנקע1 און אידייען.

איבערשלײַדערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געשלײַדערט. 1. מיט כּוח איבערוואַרפֿן, אַריבערוואַרפֿן. א, די פּילקע איבערן הויכן פּאַרקאַן. קללה: זאָל דיך א, אין אַ קדחת. 2.

אָנאיבערשליסער

וואַרפֿן, צעוואַרפֿן, ברענגען אין אומאָרדענונג. א אַלע זאַכן פֿון דער שאַפֿע. ־ונג ־ניש.

.   ,
איבּערשלייערן — טרוו. ־ער איבּער, ~
געשלייערט. 1. אַנדערש, ווידער בּאַדעקן מיט
אַ שלייער. א, די כלה. 2 פֿאַרדעקן (ווי) מיט
.
אַ שלייער. א, די אונטערהאַנדלונגען מיט אַ
געדיכטן שלייער פֿון סוד. א, אַן אַלטע פּיעסע
מיט אַ נײַעם נאָמען. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
איבּערשלייפֿן — טרוו. שלייף איבּער, ~
געשלײַפֿט. איבּערמאַכן אַ שלייף.
פֿונאַנדערשלייפֿן און א'.
איבּערשלײַפֿן — טרוו. שלײַף איבּער, ~
געשלײַפֿט, ~געשליפֿן. 1. שלײַפֿן, מאַכן שאַרף
נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די שער.
א, דעם בּריליאַנט. פֿיג. א, די פֿײַלן און שיסן
מיט זיי אויפֿן אָפּאָנענט. 2. שלײַפֿן אַ סך.
א אַלע מעסערס. 3. שלײַפֿן איבּער דער מאָס.
,
אַזוי א אַ מעסער אַז עס איז אַ סכּנה עס
,
צו געבּן אַ קינד. ־עכץ. ־עניש.
איבּערשלינגען — טרוו. שלינג איבּער, ~
געשלונגען. שלינגען אַ סך מאָל, איבּער דער

מאָס. „וויפֿל פּילן האָב איך שוין
איבערגעשלונגען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן„, רייד.
איבערשליסן — טרוו. שליס איבער, ~
געשלאָסן. 1. שליסן נאָכאַמאָל, שליסן
פֿונדאָסנײַ. א, דעם שלאָס און זײַן זיכער אַז ס'איז
טאַקע פֿאַרשלאָסן. 2. שליסן אַ סך. א אַלע
,
טירן פֿאַרן אַוועקפֿאָרן. 3. סאָוו. באַנײַען אָדער
רעווידירן אַן אָפּמאַך „מע דאַרף א, דעם
גאַנצן...אָפּמאַך — האָבן זיי געטענהט“, מ.
טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929. „די
צווייטע פֿראַגע — דאָס איז די פֿראַגע וועגן
א, די קאָלאָפּמאַכן [= קאָלעקטיווע אָפּמאַכן]„,
גאַדבער־ און בערשטער־שמימע, מאָסקווע 1928,
No 3. 4. בײַטן אינטענסיווקייט פֿון אַרבעט,
פֿון אַ מעכאַניזם. בײַטן עפּעס אין אַ
מעכאַניזם. בײַטן ריכטונג, שטאַרקייט פֿון
עלעקטרישן שטראָם, ראַדיאָ־כוואַליעס אע. „דער
שאָפֿער האָט בייז איבערגעשלאָסן די שנעלקייט„,
ש. גאָרדאָן איבז, ב. פֿאָלעוואָי, סאָוו, היימלאַנד,
.No ,19▯2 3
איבערשליסן זיך — ← דפֿוו. סאָוו. 1.
איבערשטעלן זיך, אַריבערגיין צו אַן אַנדער
באַשעפֿטיקונג אָדער גרופּע, שטייגער לעבן אע.

א, זיך פֿון שטעטלדיקן לעבן אויף דעם
דאָרפֿישן. 2. צוגעוואוינען זיך. איבערנעמען
שפּראַכיקע פֿאָרמען. „[ס'איז געווען שווער]
איבערצושליסן זיך פֿון צווײמיניקייט אויף
דרײַמיניקייט“, מ. שאַפּיראָ, אַפֿן שפּראַכנפֿראָנט III.
3. בײַטן מיינונג, אײַנשטעל, שטימונג. „דער
אַקטיאָר קען זייער גוט זיך א, פֿון טרויער
אויף פֿרייד„, רייד. „דאָ האָט איר דאָך שוין
דאָס געדאַנקלעך־געמיטלעכע א, זיך פֿון
מידתהרחמים צו מידת הדין„, י. שטערנבערג, סאָוו,
הײמלאַנד, 4 1964, No.
איבערשליסער — דער, ־ס. (
עלעקטראָטעכניק) קנאָפּ (אַ דריי צו טאָן), שטעפּסל,
הענטל,
קאָנטאַקט (אָנצודריקן) כּדי אַריבערצופֿירן
עלעקטרישן שטראָם פֿון איין ליניע אויף אַ צווייטער.

איבערשלעגעכ□ן

איבעדשלעג□עכץ, ־ער, ־עדײַ — דזוו

□,שלאָגעכץ, □.־,שלאָגער, □...,שלאָגערײַ.
איבערשלעסן — טרוו. שלעפּ איבער, ~
געשלעפּט. 1. איבערבּרענגען (אַ זאַך, אַ משׂא)
פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן דורך שלעפּן.

א, דעם פֿולן זאַק און זיך אונטעררײַסן די
כּוחות. 2. אַריבּערשלעפּן. א, די קינדער
איבּער דער לוזשע. 3. שלעפּן צו בּיסלעך אָדער
אַ סך. א אַלע זעק תּבֿואה. 4. איבּערקומען
מיט שוועריקייט. א, די צרות. *א, דאָס פּעקל.
5. איבּערפֿירן מיט שוועריקייט. א, עמעצן
אויף אַ העכערן אַמט. א, פֿאַר די אויערן.
6 פֿאַרציִען. א אַ משפּט עטלעכע יאָר. א,
די דיעלע פֿון איין געריכט אין צווייטן.
מיט ז י ך — 1. איבּערגיין, אַריבּערגיין
פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן מיט שווערער
מי; רירן זיך פֿון אָרט קוים־קוים. א, זיך
מיט די קראַנקע פֿיס און זיך דערשלעפּן אָן
אָטעם. פֿיג. קוים א, זיך אין העכערן קלאַס.
2. שלעפּן זיך אין אַ צאָל ערטער. א, זיך
אין אַלע שענקען. א, זיך איבּער אַלע
שטעטלעך פֿון אומגעגנט. א, זיך מיט אַ קרענק
פֿון דאָקטער צום דאָקטער. 3. אַריבּערקומען
נאָך (מיט) מי און אָנשטרענגונג. „מיט דער
האָפֿענונג אַז עס זאָל זיך א, צו אײַך דאָס
גאַנצע בּינטל אונדזערס“, פּבּ ־ונג ־עכץ.
פּ .

־עניש.

איבערשמאַטײַען — טרוו. ־טײַ(ע) איבער, ~געשמאַטײַעט. וואוילױונגעריש. איבערפֿראַסקען, איבערכמאַליען. איבערפּלעטן, איבערהאַקן.

געבן אַ שמאַטײַ (מיט אַ פֿויסט, אַ שטעקן אע) און א, אים דעם ציפֿערבלאַט [= פּנים]. א, עמעצן דעם שאַרבן. א, אַלע פֿלעשער מיט איין קלאַפּ.

איבערשמאָלן — ← איבערשמעלן.

איבערשמאַלצן — טרוו. שמאַלץ איבער, ~געשמאַלצט. 1. אַרײַנגעבן צו פֿיל שמאַלץ, פֿעטס. א, דאָס עסן. 2 פֿיג. מאַכן צו ' שמאַל.

ציק', שילדערו אין צו געדיכטע פֿאַרבן. מגזם זײַן כּדי אויסצונעמען בײַ אַן עולם. א, די רייד מיט צו פֿיל וויצן. א, אַ באַריכט מיט ווילדע גוזמאות. אויך: א, די פּרײַזן. ־ו ג.

־עכ ן. ־עניש.

איבערשמאָקטשען, ־קצען — טרוו. ־טשע, ־צע איבער, ~געשמאָקטשעט, ־צעט. נאָכאַמאָל, ווידער, איבער דער מאָס שמאָקטשען, סמאָקטשען. א, דעם זעלביקן ביין. מיט ז י ך.

־עניש.

איבערשמאָרן — טרוו. שמאָר איבער, ~
געשמאָרט. 1. צו פֿיל, צו לאַנג שמאָרן,
פֿרעגלען. א, דאָס פֿלייש. 2. נאָכאַמאָל, ווידער
שמאָרן. ־עניש.
איבערשמאָרען — טרוו. ־רע איבער, ~
געשמאָרעט. 1. ← איבערסמאָרען. 2.
איבערשמוצן. 3. דזוו איבערשמאָרן.
איבערשמאַרצן — אוטוו. שמאַרץ איבער,
~געשמאַרצט. שמאַרצן און אויפֿהערן. „דו
קראַץ נאָר ניט, ס'וועט באַלד א'„, רייד.
איבערשמדן — [...שמאַדן] טרוו. שמד איבער,
~געשמדט. 1. דזוו שמדן. א, כאָטש איין

1()25

יִדן, געווינען אַ נשמה. 2. שמדן אַ
גרעסערע צאָל, שמדן אַ סך. א, אַלע ישךבֿניקעס
און זיי לאָזן אין די דערפֿער. 3. ווירקן מע
זאָל אַדיבעדגיין פֿון איין ניט־יִדישן גלויבן
אין אַ צווייטן. א, דעם משומד פֿון
פֿראָטעסטאַנטיזם אויף קאַטאָליציזם. אויך פֿיג: ווירקן
מע זאָל בײַטן מיינונג, אײַנשטעל. „זײַן [דר,
זשיטלאָווסקיס] א, אונדז פֿון אַלגעמיינע
סאָציאַליסטן אויף סאָציאַליסטן יִדן„, בּ. ריווקין,

צוק, מאַרץ 1936. מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן.
־עניש.

שמוגלט. אויך: ~שמוכלען. אַריבערפֿירו
איבערשמוגלען — טרוו. ־גל איבער, ~

געסחורה, אַ משׂא אָדער אַ מענטש איבער אַ
גרענעץ אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן. א, קאָנ..
טראַבאַנד, געווער, אומלעגאַלע ליטעראַטור. א,
אַ גרופּע עמיגראַנטן. מיט ז י ך ־עכץ.
.
־עניש. ־ער (.־ין, ־קע). ־ערײַ.
איבערשמועס — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערשמועסן (זיך). איבעררייד. (געמיטלעכע)
דיסקוסיע אַרום אַן ענין. דיאַלאָג.
אונטערהאַנדלונג. געוועןאַזאַ א'. „אַ מעדיטאַטיווער א,
מיט זיך אַליין“, ש. ביקל, טמז, 1958 III 31.
„אַ שאַרפֿער א, וועט איצט זײַן
אומפֿאַרמײַדלעך„, טמז, 7 1965 II. אויך פֿיג. אַן א, פֿון
(מיט) בליקן.
איבערשמועסן — [אין פּד, אוקר לאַנגע י
אין איינטראַפֿיקן שטאַ] אוטוו & טרוו. ־עס
איבער, ~געשמועסט. 1. נאָכאַמאָל רעדן וועגן

דעם זעלבּיקן ענין. ווידער א, מיט די
מיטאַרבּעטער וועגן גאַנג פֿון דער אַרבּעט. „[אים]
איז די זאַך זייער שטאַרק געפֿעלן, ער האָט
מ כּ ו ח דעם איבּערגעשמועסט מיט...„, ממוס,
מסעות. „דערווײַל איז זיך דאָס גאַנצע שטעטל
צונויפֿגעקומען אין שול אַרײַן און מע האָט
איבּערגעשמועסט דאָס גאַנצע געשעפֿט„,
בּינטשע די צדקתטע, וואַרשע 1883. „אפֿשר, האָט
מען דאָ איבּערגעשמועסט, אַז צוליבּ
דעריבּער קומט ער ניט אַרײַן„, ווײַס, 'דער לערער א
גרינשטיין'.

2. שמועסן אַ סך, אַ לענגערע צײַט, וועגן
פֿאַרשיידענע ענינים. „[די חסידים] האָבּן אויך
איבּערגעשמיסט פֿון די צוויי הייליקע און א
טײַערע מנהגים זײַנע“, ספֿר שבֿחי רמ“ל,
לעמבּערג [יאָר ▯]. „דענסטמאָל וועסטו טאַקע האָבּן
די זכיה צו דערגרייכן דײַן וואונטש וועגן
די בּני־משה און מיט זיי א, מכּוח דעם
כּלל־ישׂראל אין אונדזער ווינקל„, ממוס, מסעות.
„מע האָט איבּערגעשמועסט פֿון אַלערליי נײַס.
מע האָט גערעדט פֿון דער מלחמה“, ספּ,
ייִדישער קאָלאָניסט.

3. אַרומרעדן, בּאַטראַכטן. *א, וועגן (מכּוח)
אַכצן און דרײַצן = וועגן אַ וויכטיקן ענין,

וועגן קאָנקרעטע זאַכן. „בײַדערנאַכט האָט ער איבערגעשמועסט דעם עסק מיט יענטלען, איז בײַ זיי געבליבן יאָ, מחמת פֿיל טעמים“, ממוס, ווינטשפֿ. „מע זאָל א, וועגן אַריבערברענגען דינהן פֿון יענער זײַט“, ספּ, סודות. 4. סתּם רעדן, דורכרעדן זיך. „דער מלמד איז אַוועק א דאַוונען בציבור, א, מיט מענטשן און זיך

איבערשמייכלען זיך

משתּדל זײַן וועגן אונדזער ענין„, ממוס,

שטורעמצנןט5. זיו מיישב זײַן, זיך האַלטן אַן עצה. א, מיט אַן אַדוואָקאַט, מיט אַ דאָקטער. „ נעכטיק דאָ איבער, וועלן מיר א, און מיר וועלן זיך מיישבֿ זײַן„, נחב, 'מעשׂה בחכם ותּם'. „איך דאַרף מיט אײַך א, אַן ענין, מכּוח אַ תּכלית־זאַך“, ממומ, טאקסע. „די ריכטער פֿון פֿראַנקפֿורט האָבן זיך אין דעם לשון פֿון זייער באַפֿרײַאונגס־אורטייל איבערגעשמועסט מיט דעם יוסטיץ־מיניסטער אין באָן“, ש. ביקל, טמז, 1965 II 12.

6. ריידן בסוד. „האָב איך געוואָלט מיט אײַך א, וועגן אַן אינטערעס...קיין פֿויגל טאָר

ניט וויסן,,, פּ. ט. סעגאַל, די שיינע נייטערין, ווילנע 1894. ,,גיי אויף אַ רגע אַרויס, איך האָב עפּעס מיט דעם טאַטן דאָ איבערצושמועסן'', ש. זאַמאָשטשין, יוד, פֿאָלקס־ביבליאָטעק I, קיִעוו 1888. ''זיי האָבן שטילערהייט איבערגעשמועסט און באַשלאָסן אַז זיי וועלן שוין וויסן וואָס צו טאָן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ''דער פֿלייטער שמועסט איבער שטיל מיט דער פֿלייט, זי פֿײַפֿט אים שטילערהייט אָן,,, ממוס, מסעות.

7. איבערחזרן, אײַנחזרן. ,,אויף דעם יאַטקעקלאָץ איז געווען מײַן באַשטאַנד, דאָרט האָב איך די דרשה איבערגעשמיסט'', בדחניש ,ליד פֿון דעם טעריק, [ייִשפּ 8 .[XIII, 4.

איבעררײדן, אײַנרעדן. א, דעם בחור, ער זאָל בלײַבן דאָ.

מיט ז י ך — ,,איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען דעם פּירוש פֿון זײַן א, זיך מיט דעם קאָנדוקטאָר, דעם סוד פֿון דער מטבע'', ממוס, 'שם און יפֿת'. ,,ער וועט אַהיימגיין פֿרעגן... א, זיך מיט זײַן ווײַב סערל,,, פּרץ, 'זיבן גוטע יאָר'. ,,איר דאַרפֿט זיך א, מיט אַ גוטן לאָיער,,, טמז, 27 XI 1964.

־עכץ. ־עניש. ־ער — ''אַ גרופּע ייִדן, א, און איבערטראַכטער וועגן די שווערע

צײַטן“, ש. ביקל, טמז, 1954 III l4.
יבע   וצן — טרוו. שמוץ איבער, ~
געשמוצט. איבערבּרודיקן, איבערחזירן אַ צאָל,
אַ סך. א אַלע טישטעכער, גלעזער פֿיג. א,
,   .
עמעצנס נאָמען.
יבערשמידן — טרוו. שמיד איבער, ~
געשמידט. 1. שמידן נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ. א,
די רײַפֿן. א, די קאָסע. א, דאָס פֿערדל. 2.
שמידן אַ סך, אַ צאָל. א, פֿאָדקעוועס גאַנצע
דרײַסיק יאָר. 3. אַרויפֿלייגן אַ נײַע פֿאָדקעווע.
„דער בולאַנער איז געוואָרן אָ שטיקל...צולע
על ירך — הינקט אונטער. מע וועט אים מוזן
א',„ מ. ריבֿקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול,
ווילנע 1914. 4. איבערמאַכן, איבעראַרבעטן
דורך שמידן. א, שווערדן אויף אַקעראײַזנס.
„האַרמאַטן קענען פֿרידלעך דינען צו
ערדאַרבעט...שווערדן און שפּיזן — זיי דאַרף מען
א„,„ איש יהודי [לעאָן ראַבינאָוויץ], בלעטער,
פּעטערבורג 5 .1 1900, No. פֿיג.
איבערפֿעסטיקן. א, די אַרמיי. א, די יוגנט. מיט ז י ך.
־ו‏ג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
יבערשמייכלען זיך — קזוו. ־כל זיך
איבער, זיך ~געשמייכלט. שמייכלען איינער

איבּערשמײַסן

צום צווייטן. „האָט מען געזען ווי די
קיבּוצניקעס קוקן זיך איבּער און שמייכלען זיך
איבּער,„ מ. ראַוויטש, היימיש, אלול תּשי„ח.
איבּערשמײַסן — טרוו. שמײַס איבּער, ~
געשמיסן. 1. שמײַסן נאָכאַמאָל. א, דעם יונגאַטש,
ווײַל דאָס ערשטע מאָל האָט ניט געהאָלפֿן.

2. שמײַסן אַ סך, אַ צאָל. „די דאָזיקע
קורא, דאָס פֿערדל וואָס רירט זיך ניט פֿון אָרט.

צע צײַט איז אים גאַנץ גענוג געווען
איבּערצושמײַסן אַלע קינדער„, ממוס, ווינטשפֿ. „
פֿרײַטיק פֿלעגט ער אַלע קינדער א, מכּלומרשט
אויף קאַטאָוועס, מע זאָל געדענקען שבּת„,
פּרץ, זכרונות. מיט ז י ך — א, זיך מיט
אַ בּעזעמל. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבּע ײַען — אוטוו. שמײַע איבּער, ~
געשמײַעט. שמײַען, אַרומלויפֿן, שוויצן אַ סך,
אַ לענגערע צײַט. א אַהין און אַהער, בּיז
,
מע פֿאַרדינט אַ גראָשן. א, אויף פֿרעמדע

חתונות. א, דאָס גאַנצע לעבן.
איבערשמינקען — טרוו. ־שמינק(ע) איבער, ~געשמינק(ע)ט. נאָכאַמאָל, פֿונדאָסנײַ אַרויפֿלייגן, באַשמירן מיט שמינק(ע). א, די קינדער צו דער פֿאָרשטעלונג. א, די סטאַטיסטן. פֿיג. א, דעם באַריכט. א, אַ באַנקעט־רעדע. מיט ז י ך.
איבערשמירן — טרוו. שמיר איבער, ~ געשמירט. שמירן נאָכאַמאָל. באַדעקן (מיט פֿעטס, פֿאַרב אע) פֿונדאָסנײַ. באַשמירן אַ צאָל. א, די רעדער מיט דז(ש)עגעכץ. א, די וואַנט מיט נאָך אַ שיכט פֿאַרב. א, די הויזן מיט בלאָטע. ~שמיר — דער. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
איבערשמעטערן — טרוו. ־ער איבער, ~ געשמעטערט. איבערקנאַקן, איבערקלאַפּן. צעהאַקן, צעמורשטשען. א אַ גאַנצע דיוויזיע.
א אַן אויסשטעל־פֿענצטער מיט אַ שטיין.
איבעעלן — טרוו. שמעל איבער, ~ געשמעלט. 1. מאַכן צו שמאָל. א, אַ קלייד. 2. שמעלן נאָכאַמאָל, פֿאַרריכטן דאָס פֿריִערדיקע אײַנשמעלן.
איבערשמעלצן — טרוו. שמעלץ איבער,

~געשמאָלצן (אויך: ~געשמעלצט). 1.
איבערגיסן פֿונדאָסנײַ צעלאָזן, צעשמעלצן און
אי',
בעראַרבעטן עפּעס. א, חלבֿ. א, ליכט. א,
וואַקס. א, די גלאָקן פֿון די תּיפֿלות אויף
קאַנאָנען. „געלט האָט אַזאַ שלעכטן ריח ווי
פֿון אַן אָפּטריט, און עס דאַרף גוט
אָפּגערייניקט ווערן און איבערגעשמאָלצן ווערן דורך
גרויסער צדקה, כּדי דער ריח זאָל פֿון דעם
אַוועק,„ נחבֿ [בצג, טמז, 7 1962 X]. „
אײַנקויפֿן די אַלטע אויטאָמאָבילן כּדי זיי צו
פֿאַרקויפֿן צום א',„ טמז, 1965 III l8. א, די
קופּערנע סטאַטועטקע. אויך פֿיג. א, די
אימיגראַנטן אין איין פֿאָלק.
2. דורכמישן אַ געקעכטס מיט שמאַלץ,
באַשמעלצן. א, די קאַשע. א, די קאַרטאָפֿל.
3. אַרײַנגעבן צו פֿיל שמאַלץ אָדער פֿעטס אין
שפּײַז, אין אַ געקעכטס. א, בײַם פּרעגלען.
א, דעם קוגל.
4. פֿיג. איבעראַנדערשן אַ געפֿיל, השגה,
אַן אײַנשטעל אדגל. „[ד] עפּאָכע וואָס קומט

איבעדצונעמען און איבערצושמעלצן די ירושות
פֿון אַלע פֿר□ערדיקע ריכטונגען און
שטרעמונגען“, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I.
„ווערטן זײַנען איבערגעשמאָלצן געוואָרן —
סאָציאַלע, רעליגיעזע און אויך ליטעראַרישע.
פֿאָרעם, סטיל, טעמאַטיק — אַלצדינג אַנדערש„„
קאָר I. מיט ז י ך — „אָבער וואָס אמת איז
אמת! אַ שפּאָר ביסל ליבשאַפֿט צו מיר האָט
זיך איבערגעשמאָלצן אין אַ באַרעמהאַרציק
באַדויערן„„ פרץ, געדאַנקען און אידייען.

~שמעל□ן, דער. ־ונג — „די א', די
איבערדיכטונג...„„ קאָר I. ־עכץ. ־עניש.
־ערײַ, די — וואַרשטאַט, פֿאַבריק וואו מע
שמעלצט איבער מעטאַלענע זאַכן.

איבערשמעקן — טרוו. שמעק איבער, ~
געשמעקט. 1. ווידער, נאָכאַמאָל שמעקן,
אַרײַנזאַפּן אַ ריח. א אַ מאכל, צי עס הערט זיך
,
ניט פֿון אים. „וואָס האָט איר מיך געברענגט
אַהער? איבערצושמעקן ס'געשטאַנק?“, רייד. א,
ווי אַ הונט. 2. אויך אוטוו. שטאַרק זוכן, פּרוּוון
דערגיין, אויסגעפֿינען. א, (אין) אַלע ווינקעלעך.
־עכ□ן. ־עניש.

איבּערשמערגלען — טרוו. ־גל איבּער, ~
געשמערגלט. איבּערפּרעגלען (מיט ניט קיין
אָנגענעמען ריח). ־עכץ. ־עניש.
איבּ אָלז
— טרוו. שנאָל איבּער, ~
געשנאָ ט. פּפֿ: ~שנאַלן. אַנדערש (שטאַרקער,
שוואַכער) איַינציִען מיט אַ שנאָל. א, דעם
פּאַסיק, דעם גאַרטל.
איבּערשנאָרכן — אוטוו. ־רך איבּער, ~
געשנאָרכט. אויך: ~שנאָר(כ)ען. אַ סך, אַ
לענגערע ציַיט שנאָרכן, כראָפּען. א, די גאַנצע
נאַכט.
איבּערשנאָרן — אוטוו. שנאָר איבּער, ~
געשנאָרט. שנאָרן, בעטלען אַ סך, אַ לענגערע
ציַיט, אין אַ צאָל ערטער. א, אין דער גאַנצער
געגנט.
איבּערשנור(עווע)ן — טרוו. שנור(עווע)
איבּער, ~געשנור(עווע)ט. פֿאַרשנורעווען
נאָכאַמאָל, אַנדערש. א, די שיך.
איבּערשנ(י)אָשקען — אוטוו & טרוו. ־קע
איבּער, ~געשנ(י)אָשקעט. (מיט ביטול) טרינקען
א סך (צו פֿיל) וואָלוועלן אַלקאָהאָל. א אַ
,

-

ים בּראַנפֿן. א, און זיך וואַלגערן אין
רינשטאָק. אויך מיט ז י ך.
איבּע   יט — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט, צייכן, אָרט פֿון איבּערשנײַדן. אַ
ווייטיקדיקער א׳. מע קען נאָך זען דעם
ניטפֿאַרהײלטן א׳.
איבּע   ײַדן — טרוו. שנײַד איבּער, ~
געשניטן. 1. צעשנײַדן עפּעס אויף צוויי טײלן,
האַלבּירן מיט אַ שער, מעסער אע. אָפּטײלן
דורך אַ שניט. א, די טעלעפֿאָן־דראָטן. א,
דעם נאָפּל. גרינג ווי א, אַן עפּל. ,,שבּת מוז
מען המוציא מאַכן איבּער צוויי גאַנצע חלות.
בּשעת המוציא נעמט ער בּיידע אין דער האַנט,
אָבּער שנײַדט ער איבּער נאָר איין חלה,,,
חא, נו/ב. ,,...דא העלפֿט דאשׂ איבּר שנײַדן
ניקשׂ, על־כּן זאָל מן צו איין איטליכם איין

איבּערשנײַדן

בּיזונדר בּרוט האבן“, עפּש, דדך הישר לעול I
הבּא פֿפֿדמ תמ“ה? ,,נאָכדעם האָכ איך גענומען

אויסגלעטן, א, אַ שטיקל פּאַפּיר", שע, 'דאָס מעסערל'. „אַ ליכטשטראַל קען מען ניט א, מיט קיין שווערד", נאַד, טינט און פֿעדער. „דער טראַמוויַ האָט אים איבערגעשניטן אַ פֿוס„, רייד.

2. איַינשניַידן. א, קאָרע אויף אַ בוים. „ייִדן ...רחמנים בני רחמנים, אַז זיי זעען אַז דער חלף האָט שוין איבערגעשניטן די האַלדז, דערוועקט זיך אין זיי מיטליַיד„, שמ„ר, אַ טויטער בעולם הזה, ווילנע 1876. „מע זאָל א, ביַי אַ שעפּס די דיקע האַלדז אַרטעריע, וואָלט דאָס -

בלוט אַרויסשפּריצן אויף 8־9 פֿוס די הייך„, ד. מאָרדווין, די לעהרע פֿון לעבן, בערלין 1898. *א, דעם ה אַ ל ד ז — א) קוילען, אומברענגען; ב) באַרויבן פֿון פּרנסה, צונעמען ביַי איינעם אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט. אַזוי אויך: א, דעם ג אָ ר ג ל. *א, דעם בלאָטער (די מכּה) = אויפֿדעקן, קלאָר אַרויסברענגען און פּרוּוון ביַיטן עפּעס וואָס איז שלעכט, מאָראַליש מיאוס. א, דעם בלאָטער פֿון קאָרופּציע.

3. פֿיג. מיט בב 1־2. קוילן שניַידן איבער די לופֿט. די לופֿט איז אַזוי געדיכט — מיט אַ מעסער איבערצושניַידן פֿון אַ האַלב־

קין. „
דישן רוף: מאַ...און 'מאַמע', נישט געענדיקט,
אַ מעסער האָט איבערגעשניטן דאָס וואָרט„,
פּרץ, לידער און פּאָעמ␣ן. „[ע␣] שנײַדט
איבער דעם פֿאָדעם פֿון טראַכטן„, א. קאַהאַן,
מענטשן פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927. „די
ליכטפּאַסן האָבן איבערגעשניטן די פּנימער ווי מיט
שאַרפֿע חלפֿים“, חג, 'דער פּרוש'.
4. גיך, האַסטיק איבעררײַסן אַ טואונג, ספּעצ
דאָס רעדן. א, די רייד. א, עמעצן בײַם רעדן.
„ווען איך האָב פּרצן אָנגעזאָגט...אַז איך האָב
געמאַכט נאָך עטלעכע לידער... — לידער מאַכט
מען ניט! — האָט פּרץ מיר שאַרף
איבערגעשניטן“, א. אַלמי, פּאַש, 1951 IX l4. אויו
איבעררײַסן אַ מצבֿ. אַ יונג לעבן איז
איבערגעשניטן געוואָרן. אַ דונער שנײַדט איבער די
שטילקייט. „עס וואַר אַ פּאָר מינוטן שטיל,
דער פּרעדיקער שנײַדט דאָס שווײַגן איבער„,
אַבֿיגדור ברכי, רוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע
.18␣5
5. אָפּטיילן, אָפּצאַמען. מאַכן מע זאָל ניט
קענען דורכגיין, דורכפֿאָרן. א, די גאַס און
ניט דורכלאָזן ניט קיין אויטאָס און ניט קיין
פֿוסגייערס. „...דורכצולאָזן דעם...טראַמווײַ אויף

די רעלסן וואָס האָבן איבערגעשניטן דעם וועג“,
דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I, נ“י 1924. „דער
שׂונא האָט איבערגעשניטן דעם וואַרשעווער
שאָסיי“, ש. קריוואָשעיִן, סאָון, היימלאַנד, 1962,
No 3. א, די ג אַ ס — אויך: אַריבערגיין,
רוסיצ. א, די גאַס ווען דאָס ליכט איז רויט.
„טרעטנדיק טיף אין די אָנגעטראָגענע הורבעס
שניי, האָט ער איבערגעשניטן די גאַס“, נ.
לוריע, סאָוו, היימלאַנד, 2 l96l, No. אויך:
„שנײַדט ער איבער דעם באַנס פֿריילעכע
רעלסנשנורן,,, בערג, 'יוסף שור'. *א, עמעצן דעם
וועג — פֿאַרלויפֿן דעם וועג, שטערן דורכפֿירן

אַ פּלאַן.
6. צושנײַדן אַנדערש, פֿונדאָסנײַ. א, אַ

איבערשנייען

מאַנטל. 7. ניט האָבן מער צו טאָן מיט
עמעצן. א, מ י ט אַמאָליקע פֿרײַנד. א, מיט
דער פֿאַרגאַנגענהייט. א, די באַציאונגען מיט
עמעצן.
8. (קאָרטנשפּיל) אַראָפּנעמען פֿון אויבן און
אַוועקלייגן פֿון אונטן די קאָרטן. 9. (

געאָמעטריע) איבערטיילן. א, אַ ליניע מיט אַ פּערפּענדיקולאַר. א, אַ קאָנוס פּאַראַלעל צו דער באַזע.

מיט ז י ך — א, זיך די אָדערן. א, זיך דעם האַלדז. די ליניעס שנײַדן זיך איבער. „ער האָט מיט גרויס מוט איבערגעשניטן זיך דעם אימפּרעסיאָניסטישן אָדער„, ׳.
שטערנבערג, סאָוו, היימלאַנד, 4 1964, No.

~שנײַד, דער. א'־פּונקט. ־ונג. ־עכ▯ן. ־עניש. ־ער.

איבערשנייען — אומפּ. שנייט איבער, ~ געשנייט. 1. שנייען מער ווי געוויינלעך. „ס'וועט נאָך א, ביזן דאַך“, רייד. 2. שנייען און אויפהערן. „אַ זומער וועט פאַרגרינען, אַ ווינטער א', וועט מומע אויך פאַר נחן אַ תּפילין־זעקל נייען“, מבא, דעך גייער.

איבערשנײַצן — טרוו. שנײַץ איבער, ~ געשנײַצט. 1. נאָכאַמאָל אויסרייניקן די נאָז דורך אַרויסבלאָזן. „דו האָסט ניט גוט אויסגעשנײַצט דאָס נעזעלע, דאַרפסט א'“, רייד. 2. מאַכן אויסשנײַצן. א, דעם קינדס נעזל. 3. ווידער אָדער אַ צאָל מאָל אַרומשנײַדן קנויטן פון ליכט. א, די ליכט. מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.

איבע   יצן — טרוו. שניץ איבער, ~ געשניצט. 1. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן שניצן. א, דעם אָרון־קודש. א, אַ שיין שטעקעלע. א, אַ יד פֿאַר דעם בעל־קורא. 2. שניצן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, פֿײַפֿעלעך פֿאַר אַלע ייִנגלעך. ־עכ▯ן. ־עניש.

איבערשעדיקן — אוטוו & טרוו. ־דיק איבער, געשעדיקט. 1. ברענגען שאָדן, אָנשעדיקן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. „וואָס דער יונג האָט מיר איבערגעשעדיקט בײַ דער אַרבעט!„, רייד. א, דעם גאַנצן ווינטער־פֿאַרזיי, סאָוו. ־ונג.

איבערשעה — די, ־ן. שעה וואָס איז מער ווי אין אַן אײַנגשטעלטער צײַט. שעה וואָס איז שפּעטער ווי די אײַנגעשטעלטע אַרבעט־צײַט. אַרבעטן א'ן. קריגן באַצאָלט טאָפּל פֿאַר יעדער א'. „אונטער אַ יום־טובֿ פֿלעגן בעלי־מלאָכות אין שטעטל אַרבעטן לאַנגע א'ן“, רייד. „פֿון צאָלן זיי שׂכירות אָדער גאָר פֿאַר א'ן, איז דאָך אינגאַנצן אָפּגערעדט„, ב. שעפֿנער, פֿאָר, 1965 I ▯ו 1. *עס אַרבעט א'ן = אַמ. עס ברענגט אַרײַן מער ווי מע האָט זיך גערעכט. „די אינוועסטירונג אַרבעט פֿאַר מיר א'ן“.

איבע   טקעווען — ← איבערשאַטקעווען.

איבערשעכטן — טרוו. שעכט איבער, ~

געשעכט, ~געשאָכטן. 1. ווידער, נאָכאַמאָל
שעכטן, קוילען. „ווייניק אונדז געשאָכטן? ווילסט
מע זאָל אונדז א'?“, רייד. 2. שעכטן אַ
סך, אַ לענגערע צײַט. א, גאַנצע טשערעדעס
שאָף. 3. איבערשנײַדן. דזוו שעכטן. *א,
עמעצן דעם האַלדז = אויך: אינגאַנצן קאַליע

7

מאַכן, ברענגען גרויסן שאָדן ־ונג — “'למה
.
לי רובֿ זבֿחיכם, — דאָשׂ איז טײַטש, ווארום
צו מיר פֿיל איבר שחטונג„, בראַנט, פּרק כח.
איבערשעכוועען — טרוו. ־כעווע איבער,
~געשעכוועט. איבערשטעלן די אָרדענונג,
איבערשטעלן אַ ריי, אין אַ ריי. א, זעלנערס.
א, די קינדער אַז די קלענערע זאָלן גיין פֿאָרויס.
ש ‌רשעלט — טרוו. שעלט איבער, ~
גען
טן. פּפֿ: ~שילטן. 1. שעלטן אַ סך,
איב

אַ לענגערע צײַט, אַ צאָל. א אַלע קרובֿים.
,

2. שעלטן אויף אַן אַנדער אופֿן. א, די קאָנקורענטקע מיט נײַע קללות. מיט ז י ך — קזוו. ־עניש.
איבערשעלמעוועןוו — טרוו. ־מעווע איבער, ~געשעלמעוועט. 1. איבערשפּיצלען אויף אַן אומערלעכן אופֿן, איבערכיטרעווען. א, אַלע זשוליקעס. „איינער זוכט צו א, דעם אַנדערן און אָפּטאָן אים אויף טערקיש„, מוק, מײַנע באַגעגענישן. 2. (גוטמוטיק) דזוו איבערקליגן. איבערשטאַרקן מיט חן. „אַ מיידל אַ ברען שעלמעוועט איבער די חבֿרטעס און נעמט צו פֿון זיי ןי בחורים„, רייד.
איבערשעמעוודיק — אַדי. זייער שעמעוודיק, איבער דער מאָס. אַן א'ער בחור. ־יקייט.
איבערשעמען זיך — אוטוו. שעם זיך איבער, זיך ~געשעמט. שעמען זיך און אויפֿהערן. אַ חצופֿה וואָס האָט זיך שוין לאַנג איבערגעשעמט. א, זיך מיט ניט־פּינקטלעכקייט און קומען נאָך שפּעטער ווי געוויינטלעך.
איבערשענדלעך — אַדי. זייער שענדלעך. א'ע מעשׂים תּעתּועים. ־קייט.
איבערשעפּטשען — טרוו. ־טשע איבער, ~געשעפּטשעט. נאָכאַמאָל שעפּטשען, זאָגן עפּעס זייער שטיל, דאָס זעלביקע. שעפּטשען

אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, דעם דערשראָקענעם ענטפֿער. א, די זעלביקע תּפֿילה.
איבערשעפּן — טרוו. שעפּ איבער, ~געשעפּט. 1. אויסליידיקן אַ פֿליסיקייט מיט אַ כלי פֿון איין האַלטער און איבערגיסן אין אַ צווייטן. א, וואַסער מיט אַ קאַן פֿון פֿעסל אין די דייזשעס. 2. שעפּן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א אַ גאַנצן ברונעם. א אַ סך נחת ־עכץ.

, , .

־עניש.
איבערשעצן — אַרכ. איצט דטשמ. נר. ← איבערשאַצן. „איך וויל אײַך גוטע שפּײַז פֿאַר זעצין און, זיכר ניט איבר שעצן„, ספֿר משליס, פֿפֿדמ 168.
איבערשערן — טרוו. שער איבער, ~געשאָרן, ~געשוירן. 1. איבערשנײַדן עפּעס מיט אַ שער אויף צוויי (אָדער מער) טיילן. א, דעם בויגן פּאַפּיר. א, דראָטן. „אַז דו ווילסט א, אַ פֿאָדעם, לייגסטו אים בײַם עק פֿון דעם שערל, און אַז דו דאַרפֿסט א, אַשטייגער אַ שוועבעלע, לייגסטו עס נעענטער צום הענטל„, וו. ס. איבז, די מע)ה פֿון דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869. 2. שערן, אָנשערן אַ סך. א, הויפֿנס פּאַפּיר. א אַלע צווײַגעלעך. 3. אויף

,

-

אַן אַנדער אופֿן, בעסער אָפּשערן אַ קליִענט
אין אַ פּאַריקמאַכערײַ. 4. אָפּשערן אַ סך. א,

איבערשפּאַנען

אַלע שאָף. א, אפֿשר אַ צענדליק קליִענטן אין
איין שעה. ־עכץ. ־עניש.
איבערשפּאָטן — אוטוו. שפּאָט איבער, ~
געשפּאָט. פּפֿ: ~שפּעטן. ווידער אָדער אַ סך
מאָל אָפּשפּאָטן פֿון עפּעס אָדער עמעצן. א,
פֿון דעם נאַר; א, פֿון זײַנע נאַרישקייטן.
איבערטפּאַכטל — טרוו ־ט .יעווען.
ען .
איבער,
~געשפּאַכטלט. פּפֿ: ~שפּאַכט
שפּאַכטלען נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן.
,,עס זײַנען נאָך רק דאָ שפּאַלטן אין טינק.
אָט די וואַנט דאַרף מען א',,, רייד.
איבערשפּאַלטן — טרוו. שפּאַלט איבער, ~

געשפּאָלטן. איבערהאַקן, צעטיילן אַ (האַרטע)
זאַך אויף צוויי (אָדער מער) טיילן מיט אַ
מכשיר (וואָס איז נאָך האַרטער). א, דעם
שטיין. א, דעם קאָפּ. „אַ בליץ האָט געטאָן
— און אויף צווייען דעם בוים
איבערגעשפּאָלטן„„ הר, 'באַוויליקט'. „האָבן די
מילי־מיליאַסן
שטערן גענומען...שלאָגן זיך איינע אָן די
אַנדערע און איבערגעשפּאָלטן איינע די אַנדערע“,
ל, 'דער וואָלף'. אויך פֿיג: א, אַ פּאַרטיי. מיט
ז י ך פֿון זיך, אָן קאָנטיקער סיבה, כוונה.

־ונג. ־עכן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איבערשפּאַלירן — טרוו. ־ליר איבער, ~(גע)־
שפּאַלירט. איבערקלעפּן מיט וואַנטפּאַפּיר. א,
דאָס גרויסע צימער. „אַלע צימערן האָט מען
איבערגעשפּאַלירט, די פּאָלן געפֿאַרבט“, ש.
בעקערמאַן, משיח'ס צײַטן, אַדעס 1887. ־ונג.
איבערשפּאַן — דער, ־ען. אַקט פֿון
איבערשפּאַנען. „ווי לאַנג וועט געדויערן דער א,
פֿון די פֿערד?„„ רייד. „דער א, צו ייִדישקייט“,
הרבֿ העפֿטערמאַן פּאָר, 19 XI 1961.

,
איבערשפּאַנונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס

אָדער רעזולטאַט פֿון איבערשפּאַנען. א, פֿון
כּוחות. א, פֿון נערוון. 2. (עלעקטראָטעכניק)
פֿאַרשטאַרקונג פֿון עלעקטרישן שטראָם איבער
דער פֿאָרויסגעזעענער נאָרמע בײַ אַ
באַשטימטער אָנלאָדונג, בײַ אַ קאָנקרעטן עלעקטרישן
מכשיר. לייגן אַכט אויסצומײַדן אַן א..
איבערשפּאַנIיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע
קען איבערשפּאַנען. א'ע דראָטן. א'ער
וואָלטאַזש. ־באַר — נר.
איבערשפּאַנעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער).
1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון איבערשפּאַנען.
2. (פּאָסט־)סטאַנציע, וואו מע פֿלעגט
איבערבײַטן (איבערשפּאַנען) די מיד־געוואָרענע פֿערד
אויף אויסגערוטע.
אי'בערשפּאַנען — שפּאַן איבער, ~
געשפּאַנט. אַקוזוו — 1. איבערגיין, אַריבערגיין
(אַ צאָל מאָל) מיט ברייטע טריט פֿון איין
פּונקט צו אַ צווייטן. איבערשפּרײַזן. א, די
גאַס אַהין און צוריק. „ער האָט זיך
אויפֿגעשטעלט, איבערגעשפּאַנט עטלעכע מאָל דאָס
קליינע צימערל“, ב. טייטלבוים, אויפֿן שוועל.
2. איבערטרעטן, אַריבערטרעטן. א, די שוועל.
א, די לוזשע. אויך: א, דעם עקוואַטאָר. „הײַנט
א אַזאַ סמבטיון — אַ ווערטעלע אויסצורעדן!

,

דעם סמבטיון!!,,, שע, מע I ִיות און פֿאַנטאַזיעס.
3. פֿיג. איבערשפּרײַזן, עובֿר זײַן אויף אַ
גערבאָט אָדער בּרעכן אַ פֿירונג דורך

איבעראיבערשפּאַנען

טרעטן די גרענעץ צווישן דעם וואָס איז
אָנגענומען און ניט־אָנגענומען, דערלויבט און
פֿאַרווערט. א, די נאָרמעס פֿון געזעץ. א, די
ליניע צווישן זײַן פֿריילעך און הפֿקרדיקן
הוליען. ,,אין די בּריוו האָבן זיי איבערגעשפּאַנט
די מחיצה וואָס שטייט צווישן פֿרײַנדשאַפֿט
און ליבּע“, י פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 1961, א
No 3. ,,דער מאַן אָדער די פֿרוי האָבן שוין

.

פֿאַר דער חתונה געהאַט איבערגעשפּאַנט דעם
פֿאַרבאָט פֿון פֿרײַע סעקסועלע באַציאונגען“,
טמז, 1965 I l8. אויך: א, אין דער פֿאַנטאַזיע
אַלע גרענעצן צווישן דעם וואָס איז מעגלעך
און אוממעגלעך.
טרוו — 1. אײַנשפּאַנען נאָכאַמאָל, אַנדערש
דאָס (די) זעלבּיקע פֿערד. בּײַטן דאָס געשפּאַן.

„לאָז עזריאל א, דאָס פֿערדל און לאָז ער פֿאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן„, ש, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. 2. אויסשפּאַנען אַ (פֿאַרמאַטערט) פֿערד און אײַנשפּאַנען אַן אַנדער פֿערד. א, די פֿערד אויף דער סטאַנציע. „ערגעץ אין אַ שטעטל וואַרטן שוין גרייט פֿרישע פּערד צום א'„, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „כּדי צו פֿאַר טיידיקן רוסלאַנד דאַרף מען א, די פֿערד אין דער רוסישער רעגירונג„, ג. אַראָנסאָן, פֿאָר, III 19 2.

3. צו שטאַרק אָנציִען, איבערציִען, מאַכן שטײַף איבער דער מאָס. א, די סטרונע אַז זי זאָל פּלאַצן. א, דעם בויגן. „האָבן צו געשווינד געוואָלט רײַך ווערן, ביז זיי האָבן איבערגעשפּאַנט דאָס שטריקל„, קמ, 5 1866, No. 4. דז פֿיג. „האָט אַרײַנגעפּלפּולט אינעם ייִדנטום פֿון זײַן אייגענעם פֿילאָסאָפֿישן סיסטעם. פֿיל האָט ער שטאַרק איבערגעשפּאַנט„, זשיט III, נ„י 1912. 5. צו פֿיל אָנשטרענגען. א, די (אייגענע) כּוחות. 6. מאַכן אַ בריק, אַ פֿאַרבינדונג איבער עפּעס. א, דעם האָדסאָן מיט אַ נײַער בריק. „וואַרט מײַן זון, וועסט ווערן אַן אינזשעניר, 'וועסטו בריקן לייגן! אַ שׂכל

,

...בּריקן לייגן...דעם 'רוים צוימען...א"“, דר, ה. זאָלאָטאַדאָוו, גש I, נ„י 1924.
־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איבּערשפּאַ'נען — טרוו. איבּערשפּאַ'ן, ~שפּאַ'נט. דטשמ. נר. דזוו אי'בּערשפּאַנען, טרוו בּבּ 3־5. „פּרײַסן ווי עס שײַנט, הייבּט אָן פּילן אַז זי איבּערשפּאַנט דעם בּויגן אין דער היים און קעגן דײַטשלאַנד„, קמ, 29 1865, No.
~שפּאַ'נט — אַדי. דטשמ. נר. גוזמאדיק, איבּערגעטריבּן; צעטומלט, פֿאַרדרייט. „קריגן א'ע געדאַנקען„, קמ, 17 l866, No. „בּאַקומט שוין א'ע מיינונגען“, העני העלפֿמאַן, די פֿערפֿיהרטע יוגענד, אַדעס 1893 ־קייט.

—
.

איבּערשפּאַסן — אוטוו. שפּאַס איבּער, ~ געשפּאַסט. כסדר, אַ סך מאָל שפּאַסן. „וויפֿל מע האָט איבּערגעשפּאַסט יענעם פֿריילעכן אָוונט“, רייד. מיט ז י ך.

איבּערשפּאַצירן — טרוו. ־ציר איבּער, ~(גע)־שפּאַצירט. פֿירן שפּאַצירן. א, דעם הונט. א, די קינדער. געוויינלעך מיט ז י ך — 1. שפּאַצירן, גיין סתּם אַזוי זיך (אַ בּיסל, ניט לאַנג). א, זיך נאָך דעם נאַכטמאָל. „וואָס קענסטו דערלייגן אַז איך וועל מיד אַליין אַזוי א, הין

און צוריק“, ווײַס, 'דבֿורהלע'. ,,האָבֿ איך מיך
איבֿערגעשפּאַצירט צו דער דאָזיקער פֿרײַנדינע,
כאָטש זי וואוינט צוואַנציק בלאָק ווײַט אַוועק
פֿון אונדז“, טמז, 2 .7 ▯1965 III. שפּאַצירן
און אויפֿהערן. שפּאָט־פּאָרעס: ~
שפּאַנדריצן (זיך).
יבערשפּאַרן — טרוו. שפּאַר איבער, ~
געשפּאַרט. 1. מאַכן עמעצן ער זאָל נאָכגעבֿן,
יענער זאָל מער ניט זײַן פֿאַרעקשנט,
אײַנגעשפּאַרט. ,,ווילסט א אַ נאַר, ועסטו האָבֿן

▯

בלויז (פֿיל) צער,,, שוו. ,,ועסט אים ניט א,
מיט דרײַ (אַכצן) אָקסן“, פֿוול. ,,אַזאַ
עקשןשלאָסער, ועסט אים ניט א',,, פֿוול (
ביאַליסטאָק). ,,איז ער אָבער אַן אײַנגעשפּאַרטער און
אַז איך וועל אים א', שפּאַרט ער מיך אײַן
אין אַרעסט, פֿאַרשפּאָר איך זיך שוין
שפּאַרן“, לאַט, דאָס יודישע קינד. “אַן אופּאָרנער
גבֿיר איז ווי אַ געשוויר, ס'איז אים גאָרניט
צוצוטרעפֿן און אויך ניט א'“, צבֿי ניסן
נאָלאָמבֿ, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ,,איידער

דיו א, איז שוין גרינגער איבערטראָגן
מאַריענבאַד אויף די נאַלעווקעס,,, שע, זומער־לעבן.

2. אָפּפֿרעגן, באַשטרײַטן, אָפּאָנירן אין אַ דיסקוסיע, וויכּוח און בײַקומען. „איך וועל מיך ניט לאָזן גענאַרן! אַ מענטש זאָל אַלץ וועלן א'!“, מאַקמאַן. „דעריבער איז ער ברוגז אַז אַנדערע זאָגן אַ דעה און קען ניט לײַדן מע זאָל אים א'“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „מ'טאָר ניט א, זייערע רייד [פֿון פֿאָטער און מוטע□], אַפֿילו מ'זעט זיי זענען זיך טועה אין זייערע רייד — טאָר מען ניט זאָגן ניט אַזוי'...„, ססי I. „הײַנט גיי זײַ אַ שייגעץ און שפּאַר איבער אַלעמען, אַפֿילו היימיש, □, י. ראַפּאָפּאָרט, די ייִדישע פּאַסט (מעלבורן), 28 1958 II. „דעם חתנס קול קלינגט ווי אַ גלעקל און שיט מיט תּורה, שפּאַרט אַלע איבער“, אַש, שטעטל.

3. איבערשטאַרקן, גובֿר זײַן, מנצח זײַן (מיטן שטאַרקן ווילן). א, (אין זיך) שלעכטע ניטן, געוואוינהייטן. „ועסטו נעמען טאָפּעלן שׂכר...דאש אַנדערע מאָל אויף דעם צער וואָס דו האָסט געהאַט איבערצושפּאַרן דעם יצרהרע“, ר, משה בר, נתן־נ[אָ]טע איבּד, שבֿט מוסר, סודילקאָוו 1833. “זאָל איבערוועגן דעם

צער און די מי וואָס ער האַט תּיכּף דורך די מצוות וואַס ער טוט אָדער דורך דעם וואָס ער שפּאַרט איבּער דעם יצר־הרע", חה, בּ, 130. „זיסער טאַטע, העלף מיר צו האָבּן אַ נצחון איבּערצושפּאַרן אַלע שלעכטע מידות און אויסרײַסן זיי", בּן־ציון בּר, יוסף יהודה מחערסאַן, צדה לדדך, פּיעטריקאָוו 1905.

4. אַרויפפּירן אויף אַ געדאַנק, משפּיע זײַן. א, די גאַנצע אַסיפּה, בּיז אַלע זאָלן מיט אים מסכּים זײַן. „דאָ האָט געזאָגט דער עושר צום ווײַבּ: — זעסטו, דו האָסט מיך איבּערגעשפּאַרט איך זאָל גיין צו אים, איך ווייס וואויל אַז זײַנע רייד איז גאָר קיין ממש ניט", שבחי בּעש"ט. „רבּ יויזעפּל דער רבּ האָט זיך אַפילו געפּרוּווט אים א,,, שע. 5. איבּערשטופּן, אָפּשטופּן. א, דעם שׂונאס דיוויזיע בּיז איבּערן טײַך. פּיג. א, די שלעכטע צײַט.

איבּערשפּילן

מיט ז י ך — קזוו. "מע האָט אָנגעהויבּן זיך צו שפּאַרן און א'...צו זידלען און צו קריגן זיו,,, שע, 'דער אוצר'.

~שפּאַר, דער. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

—ער (־קע). ־ערײַ.

איבערשפּאָרן — אוטוו & טרוו. שפּאָר איבער, ~געשפּאָרט. 1. אַ סך, אַ לענגערע צײַט אָדער כּסדר שפּאָרן. א, (געלט) אַ גאַנץ לעבן. 2. דזוו אָפּשפּאָרן. א, דרײַ ליכטיקע קינדערלעך. „וויפֿל האָט ער שוין מישטיינס געזאָגט איבערגעשפּאָרט?„, רייד. ־ונג. —עכץ. —עניש.

איבערשפּאָרעוודיק — אַדי. זייער שפּאָרעוודיק, איבער דער מאָס. אַן א'ע בעל־הביתטע. ־יקייט.

איבערשפּונטעווען — טרוו. ־טעווע איבער, ~געשפּונטעוועט. נאָכאַמאָל, אויף אַן אַנדער אופֿן שפּונטעווען, פֿאַרשטאָפּן אַ צאַפּנלאָך פֿון אַ פֿאַס מיט אַ שפּונט. שפּונטעווען אַ צאָל. א אַלע אָנטלען ווײַן אין קעלער.

,

איבערשפּיגלען — טרוו. ־גל איבער, ~ געשפּיגלט. 1. אָפּשפּיגלען עפּעס פֿון איין שפּיגל אין אַ צווייטן. „שפּיגלען פֿון ביידע זײַטן קאָרידאָר און זיי שפּיגלען דיך כּסדר איבער ווען דו גייסט צווישן זיי„, רייד. 2. שאַפֿן אַ ניט־רעאַלע, גוזמאדיקע אָפּבילדונג. „ער האָט פֿון דער היים מיטגענומען זײַן מאַניר פֿון

איבערשאַפֿן, א, די ווירקלעכקייט“, ב. ריווקין,
אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע□ אויך מיט ז י ך.
־ונג. ־עניש.
איבערשפּײַזן — טרוו. שפּײַז איבער, ~
געשפּײַזט. (באַ)שפּײַזן צו פֿיל, איבער דער מאָס.
איבערדערנערן. א, אַ קינד. „אַוודאי האָט מען
אונדז גוט באַשפּײַזט, מע האָט אונדז
איבערגעשפּײַזט„, רייד. א, מיט צו פֿיל תּורה. אויך
מיט ז י ך. ־ונג.
איבערשפּײַען — אוטוו. שפּײַ איבער, ~
געשפּײַט, ~געשפּיגן. 1. שפּײַען אַ סך, כּסדר.
קײַען טאַבעק און א', פֿאַרשפּײַען דעם דיל.
2. שפּײַען איבער עפּעס, אַריבערשפּײַען. זיצן
לעבן בעט און א, צום שפּײַקעסטל אויף דער
צווייטער זײַט בעט. מיט ז י ך. ־עניש.
איבערשפּיל — דער, ־ן. אַקט פֿון
איבערשפּילן. איבערחזרונג פֿון אַ שפּיל. א, פֿון דער
לאָטעריי. „דער לעצטער פֿערז פֿון ליד...דער
א, איז אַ צוגאָב, אַ פֿאַרטיפֿונג אי מוזיקאַליש,
אי אין באַטײַטונג„, יג, תּוך. „[זײַנע] אַ
גראָטענע טעאַטער־רעצענזיע איז בעצם געווען
אַן א, פֿון דעם בעסטן אין ספּעקטאַקל“, י.
באָטאָשאַנסקי, צוק, סעפּט, 1956.
איבערשפּיליען — טרוו. ־ליע איבער, ~

געשפּיליעט. שפּיליען, פֿאַרשפּיליען (קנעפּ)
נאָכאַמאָל אָדער אַנדערש. האַלטן אין איין שפּיליען
און א, דעם מאַנטל. „האָסט שלעכט
פֿאַרשפּיליעט די הויזן, שפּיליע איבער“. א, די
בלימלעך אין אַ בלימל־טאָג.
איבערשפּילן — טרוו. שפּיל איבער, ~
געשפּילט. 1. שפּילן נאָכאַמאָל, ווידער. א, די
זעלביקע שפּיל באַנײַס. א, אַ סצענע פֿון אַ
פּיעסע אָדער מוזיק. א, אַן אַלטן ניגון פֿאַר

איבערשפּינען

עמעצן. א, דעם ספּאָרט־פֿאַרמעסט. „דער עולם
אַפּלאָדירט, לאָמיר א, אויף ביס„. „און איר,
ליבע קלעזמער, שפּילט איבער די פֿײַנע
ניגונים„, אַבּג, דעקטוך, וואַרשע 2 .1875. (אויס,
דורכ)שפּילן אויף אַן אַנדער אופֿן אָדער מיט
אַן אַנדער אינסטרומענט. א, דעם 'דיבוק, אויף
אַ מער רעאַליסטישן פֿאָן. הערן אַ מעלאָדיע
זי אויפֿכאַפּן און זי א, אויף דער פּיאַנאָ. „האָסט
איבערגעגאָסן דעם אַלטן שפּאַנישן ווײַן אין
נײַע כלים, דעם טאָן פֿון אַלט־אַנדאַלוזיע
איבערגעשפּילט און אָרקעסטרירט אויף אַנדערע
אינסטרומענטן„, קאָר I. „אַ פֿידלער וואָס וואָלט

געווען אין שטאַנד איבערצושפּילן [דעם חזנס]
טרעלן און דריידלעך אַפילו בלויז בײַלויפיק,,,
ש. וויגאָדאַ פּאָך, 15 IX 1963.
,
3. איבערשטײַגן עמעצן אין שפּילן.
איבערקליגן. א, דעם כלומרשטן מאַ(י)עסטראָ. א, דעם
באַשולדיקער. 4. (בײַ אַזאַרטשפּילן) זיך ניט
רעכענען מיטן פּריִערדיקן (אויס)שפּילן (ווײַל
מען איז חושד אַז עס איז עפּעס ניט ריכטיק
געווען) און ווידער דורכשפּילן. א, דעם קאָן.
א, דעם זעקס־און־זעכציק. 5. שפּילן צו פּיל,
איבער דער מאָס. ,,פּאָליטיק איז טאַקע אַ
שפּיל, אָבער אַ שפּיל האָט אויך אַ געזעץ:
מע טאָר נישט א',,, פּאַש, 1965 ׳י 1. 6. (
אַקטיאָריש) שפּילן שטאַרקער ווי עס פּאָדערט דער
כאַראַקטער פֿון דער ראָלע. שאַרזשירן. א,
און מעלאָדראַמאַטעווען אויף וואָס די וועלט
שטייט. 7. איבערשאַצן. א, די אייגענע האַנט.
א, די אייגענע קאָרטן און פּאַרשפּילן. א, די
אייגענע בוחות.
מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.
איבערשפּינען — טרוו. שפּין איבער, ~
געשפּונען, ~געשפּינט. 1. שפּינען נאָכאַמאָל,

איבעראַרבעטן פֿונדאָסניַ, אויף אַן אַנדער אופֿן
פֿעדעם [אין אומפּינקטלעכן באַנוץ אויך:
איבערוועבן]. א, פֿלאַקס. א, וואָל. 2. שפּינען
אַ סך, אַ לענגערע צײַט. א, גאַנצע בערג
וואָל אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן.
איבערשפּי'צט — אַדי. דטשמ. נר. ←
איבערגעשפּיצט פֿאַרגלײַכט אונדזערע
פֿאָלקס. ,,
דערציילונגען מיט די, למשל, וואָס די ברידער
גרים האָבן אָנגעזאַמלט. האָט איר בײַ אונדז
יענע גזלנים געפֿונען, יענע א'ע אויסנאַרער
אין די זיבנמײַליקע שטיוול?,,, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. ,,און דער צווייטער איז
סאַרקאַסטיש — אַ מאַרקסיסט אַן א'ער,,, אַל I,
אַ דועל, ־קייט.
, .
איבערשפּיציק — אַדי. פּפֿ: ~שפּיצעכיק,
פּר. 1. וואָס איז צו שפּיציק. אַן א'ער
שטעקן. 2. וואָס איז צו כיטרע, כּלומרשט
קלוג איבער דער מאָס. א'ע המצאהלעך. א'ער
הבֿרה־מאַן. ,,מאָטי מיט סאָסין זענען אָבער
ניט געוועזן אַזוי איבערשפּיציק, זיי זאָלן
אַוועקגיין, אום די חתן־כּלה זאָלן איבערבלײַבן אַליין“,
ש. ש. נרינפֿעלד, די ארמע געבילדעטע, ווילנע

1896. ,,און ס'איז גוט זיי וואָס זיי זײַנען
קליין, ניט א',,, מ. טקאַטש, אויף גאָטס באַראָט.
־יקייט.
איבערשפּיצל — דאָס, ־עך. (געוויינלעך מיט

ביטול) אייבערחכמה, כיטרער איַינפֿאַל, פֿאָרטל.
אַן א, פֿון אַ מדינה־חכם. ־דיק — אַדי.
איבערשפּיצלען — טרוו. ־צל איבער, ~
געשפּיצלט. איבערשטײַגן עמעצן מיטן אָפּטאָן
אַ שפּיצל, מיט אַרײַננאַרן, איבערכיטרעווען,
איבערקליגלען. א, דעם שפּיצ(ע)ל. ,,צום גליק
האָט זי זיי באַצײַטנס איבערגעשפּיצלט און
האָט זיך אַרויסגעדרייט בשלום פֿון זייערע
הענט,,, טמז, 23 1958 II. אויך מיט ז י ך
— ,,דער גרויסער חכם...האָט זיך אַליין
איבערגעשפּיצט און איבערגעשפּיצלט,,, יג, טמז,
28 1964 II. ־עניש. ־ער.
איבערשפּיצן — טרוו. שפּיץ איבער, ~
געשפּיצט. אויך: ~שפּיצעווען, בײַם ב2.
1. אָנשפּיצן, מאַכן מיט אַ שפּיץ נאָכאַמאָל,
אַנדערש. אָנשפּיצן אַ סך, אַ צאָל. א אַלע

,

בלײַערס. א, דעם פֿלאָקן. 2. צו פֿיל, איבער
דער מאָס פֿאַרשפּיצן. א, די בלײַערס, זיי זאָלן
זיך ברעכן. 3. איבערשטײַגן מיט אַן אײַנפֿאַל,
המצאה. איבערקליגן. איבערחכמהן. א, דעם
שׂונא, דעם קאָנקורענט. „שוין זשע וועט ער
דערלאָזן אַז אים זאָל א, אַזאַ גאָרנישט“, בערג,
בײַם דניעפּער II. „נאָך ניט געבוירן דער וואָס
וועט מיך א'„, י. ראַבין, סאָוו, היימלאַנד,
2 1961, No. אויך מיט ז י ך. ־עכ ן. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.
איבערשפּיקעווען — טרוו. ־קעווע איבער,
~געשפּיקעוועט. 1. איבערשטאָפּן. א, אַ זאַק
מיט בעטגעוואַנט. 2. איבערשטײַגן אין
שפּיאָנירן. מלוכות וואָס ווילן א, איינע די אַנדערע.
איבערשפּירן — טרוו. שפּיר איבער, ~
געשפּירט. 1. דערפֿילן אַ סך, פֿאַרשיידנס. א,
קאַלטס און וואַרעמס. א, אַלע ריחות. 2.
שפּירן, דורכפֿילן נאָכאַמאָל. ניט קענען א, מער
אַזעלכע גרוילן. ־ונג. ־עניש.
איבערשפּירעוודיק — אַדי. 1. צו
שפּירעוודיק, סענסיטיוו איבער דער מאָס. אַן א,
געוויסן. „דער מענטש וואָס האָט אַ
סכיצאָטימען כאַראַקטער איז זייער שפּירעוודיק..., זייער
אָפֿט א, און ניט דרייסט„, דר, י. קאַנטער,

פֿגעז, פּאַריז 2 .12 1949, No. וואָס קען
גרינג מכולה ווערן (איבער היץ אָדער קעלט),
קען נעמען פֿוילן אע. „אַן א'ער אתרוג וואָס
מע האַלט אים אין וואַטע„, ש. בּיקל, טמז,
31 ▯ 1962 III. ־יקייט — „אַ נוראָטיקער,
אָבער פֿאַרמאָגט אַן א', און פֿון דעם קומען
אַרויס צרות„, אאר, פֿאַש, 17 ▯ 1955 I. “לײַדן
אָפֿט אויף קאָפּווייטיק צוליב דער א, פֿון
זייער נערוון־סיסטעם„, פֿנעז, פּאַריז 1940,
.14־No 13

איבערשפעטן — ← איבערשפאָטן.

איבערשפעקולירן — פֿטמ. ←
איבערספעקולירן.

איבערשפראַך — ← אייבערשפראַך.

איבערשפראָצן — שפראָץ איבער, ~
געשפראָצט. אוטוו — 1. שפראָצן און
אויפֿהערן. 2. שפראָצן צו גיך, צו הויך. „אַז
מערעלעך שפראָצן איבער, וועלן זיי זײַן צו
דין און ניט גענוג זיס“, רייד. טרוו —
שפראָצן און איבערשטײַגן, ווערן העכער ווי

איבערשפרינגען

אַן אַנדער שפראָצונג. אָט די וויצע וועט א,

אַלע אַנדערע.

איבערשפּרונג — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערשפּרינגען. א, איבערן באָק. אַן א, צו גאָר אַ נײַ לעבן. „דאָס איז דער קפֿיצת־הדרך־א, איבער ווײַטענישן פֿון צײַט און אָרט — אויך איבערן 'אײַזערנעם פֿאָר האַנג', וואָס טיילט אָפּ און טיילט דאָך נישט אָפּ דעם טײַערן ייִדישן שבֿט אין רוסלאַנד פֿון כּלל ישׂראל„, דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 1962 ׳י18 I.

איבערשפּרײַז — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איבערשפּרײַזן. א, איבער דער געשיכטע פֿון 19. י״ה. 2. אָפּנייג פֿון געזעץ, פֿון פּיר. קליינע זינד. ס'איז ניט קיין אמתער חטא, בלויז אַן א'.

איבערשפּרײַז׳יק, ־עווּדיק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען איבערשפּרײַזן. א'יקער דורכגאַנג. א'עוודיקע נאָרמירונגען. ־באַר — דטשמ. נר. ־יקייט.

שפּרײַזט. אוטוו & אַקוזוו — 1. איבערגיין, איבערשפּרײַזן — שפּרײַז איבער, ~

געאריבערגיין אַ שטח מיט ברייטן פֿעסטן שפּאַן.

—

,

א, אַ גרענעץ. א, דעם דורכגאַנג. א, דאָס קליינע ריטשקעלע. א, די וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט. א, איבער אַלע זיבן ימען.
2. דז פֿיג. ,,פֿאַרשליס דעם ווייטיק אין דײַן האַרץ, ער זאָל דעם צונג ניט א'“, יוסף ראָלניק, גש. טרוו — 1. עובֿר זײַן אויף אַ געזעץ, געבאָט, פֿירונג אע. א, אַ סיג לתּורה. א, דאָס געזעץ. א, די נאָרמע פֿון אָנשטענדר. קייט. 2. איבערשטאַרקן, גובֿר זײַן. א, אַ שווערע אַנטוישונג. ,,מיר וועלן די שאַנד א',,, סוץ פֿעסטונג.

,

־ו□ג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (.־.ין, ־קע).
איבערשפּרייט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון איבערשפּרייטן. 2. דאָס וואָס ליגט איבער געשפּרייט. דזוו אויסשפּרייט. אַ נײַער א'. דער הימל־א'. ־יק, ־לעך — אַדי. נעאָל. וואַס מע קען איבערשפּרייטן.
איבערשפּרייטן — טרוו. שפּרייט איבער, ~געשפּרייט. איבערציִען (מיט עפּעס), אַרויפֿגעבן אַ צודעק, איבערדעקן. אויסשפּרייטן פֿון אויבן. א, אַ טישטעך אויפֿן טיש. א, אַ לײַלעך איבער דער קאַנאַפּע. מיט ז י ך — אַ שווערע כמאַרע האָט זיך איבערגעשפּרייט

איבּער דער ערד. די ידיעה וועט גיך זיך א,
איבּער דער גאַנצער וועלט. ־ונג. ־עכץ.
־עניש.
איבּערשפּרינגען — אוטוו & טרוו. שפּרינג
איבּער, בּ י ן . ה אָ בּ ~געשפּרונגען.
1. אַריבּערשפּרינגען, שפּרינגען איבּער עפּעס.
א, אַ גראָבּן (מיט) וואַסער. א, (איבּער) אַ
פּאַרצוימונג. א אַ שטריק. „געשווינד שפּרינג
,

-

איך איבּער אַ פּלויט און הייבּ אָן זייער הויך
צו שרײַען“, עט, משלים. „אַז איר קומט
אָן קיין גלופּסק דורך דער טעטעריווקער גאַס
זאָלט איר מוחל זײַן א, דאָרט אַ בּלאָטע“,
ממוס, מסעות. „זיי האָבּן געגעבּן אַ שפּרונג
איבּער איבּער אַלע בּענק און שטענדערס„,
שע. „איבּערשפּרינגענדיק איבּערן פּאַרקאַן, האָט

איבּערשפּרינקלען

ער זיך געלאָזן לויפֿן איבּער דעם משופּעדיקן
וועג„,...אַרבּעטער־בּונד, סטעפֿאַן כּאַלטורין,

לאָנדאָן 1902.

2. אַריבערגיין פֿון איין אָרט צום צווייטן שפּרינגענדיק. א, פֿון איין שטיין אויף אַ צווייטן. א, דעם ספּאָרטפּלאַץ פֿון איין עק צום צווייטן. „שפּרינג איבער אין מײַן בעט אַרײַן“, פּרץ, אַ פֿרימאָרגן'.

,

-

3. טאָן עפּעס, רעדן אײַליק, גיך, אָן אָפּשטעל. אָפּכאַפּן. א, די גאַנצע מעשׂה איינס און צוויי. א, דאָס דאַווענען אין איין שמעישׂראל, אויף איין פֿוס.

4. איבערהופּן, איבערהיפּערן. דורכלאָזן, אויסלאָזן. א, גאַנצע זאַצן פֿון מאָנאָלאָג. „דער משחית איז ניט איבערגעשפּרונגען קיין איין ייִדיש הויז„, ממוס, אַסיפֿות'. „פּלוצעם האָט

, .

חיים איבערגעהאַקט [שפּילן]. מיט פֿאַרביסענע ליפּן...שפּרינגט ער איבער אַן אַנדער סטרונע„, פּרץ, חסידיש. „מיר וועלן פֿיר וואָכן א'...„„

מ מ. אויזעדקיס, דער פּריוואַטלעהרער I, דראָהאָביטש 1898. אויך: א, אַ קלאַס און גלײַך

אַרײַן אין דעם צווייט־העכסטן.
5. אָפּלאָזן (אומגעריכט) אַן ענין (טעמע פֿון שמועס) און איבערגיין צו אַן אַנדערן. א,
פֿון כאַסיען צו באַסיען. „דער זיידע...[האָ]
ליב געהאַט א, פֿון איין ענין אויפֿן אַנדערן“,
שע פֿונעם יאַריד I. „די געדאַנקען זײַנען
אום,
קלאָר...שפּרינגען איבער פֿון איין זאַך צו דער
אַנדערער„„...בונד, אַ הספּד אויף אַלכּסנדר
דעם צווייטנס קבֿר, לאָנדאָן 1902. „
אַרויסגערוקט אַ ריי ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס מע
קאָן זיי נישט א'“, נ. סווערדלין, טמז,
III 1965 י 12. 6. גיך איבערגיין פֿון איין
מצבֿ אין אַ צווייטן, פֿון איין ריכטונג צו אַ
צווייטער. א, צו אַן אַנדער פּאַרטיי. „העלפֿן
דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער מאַסע א, פֿון זייער
פּראָלעטאַרישקייט צו די מיטלקלאַס־
אידעאָלאָגיעס“, ה. מאָרגענשטערן, טמז, III 1965 י
.12
מיט ז י ך.
עכץ ־עניש ־ער (־ין ־קע).
־ון ג ־ . . ,
.

־ערײַ.

איבערשפּרינקלע־פּרעגק־ען. נאָכאַמאָל

— טרוו. ־ל איבער, ~

געשפּרינקלט. פּפֿ: ~

באַשפּרינקלען מיט קליינע שפּריצלעך. א, וועש

פֿאַרן פּלעטן. א, די גויִים מיט הייליק וו— ־ו.

אסער.

-

א, די ווענט מיט פֿאַרביקע פּינטעלעך. ־עכ

־ניש.

איבערשפּריצן — טרוו. שפּריץ איבער, ~

געשפּריצט. 1. באַשפּריצן נאָכאַמאָל. א, די בייטן.

א, די האָר מיט אָדעקאָלאָן. 2. אָפּשפּריצן

פֿון אויבן. א, די יונגאַטשעס מיט וואַסער.

3. דזוו איבערשפּרינקלען. מיט ז י ך —

שפּריצן און אויפֿהערן. „דאָס רעגנדל האָט זיך שוין

איבערגעשפּריצט„. אויך קזוו. ־ונג. ־עכץ.

־ניש. ־ער. ־ערײַ.

איבערשקראָבען — ← איבערסקראָבען.

איבערשקרן

.] —

1. איבערשטײַגן אַן

אומ..שעקערן] טרוו. שקר

איבער, ~געשקרט.
ערלעכן מיט פֿאַלשקייט, ליגנס. „אַזאַ גנבֿ,
אַזאַ זשוליק! אַלעמען שקרט ער איבער,„ רייד.
2. ◻. דווו.

1()3()

איבערשקרנען — [...שאַקרענען] אוטוו &
טרוו. שקרן איבער, ~געשקרנט. 1.
אויסטראַכטן ליגנס מער ווי אַן אַנדערער. „ער איז
אַ בריה, ער קען א, דעם גרעסטן ליגנער„,
רייד. 2. ליגנערן אַ סך, אַ לענגערע צײַט.
א, וועגן אַ רײַזע וואָס ער האָט גאָרניט
געמאַכט. 3. איבערחזרן ליגנס. א, די אַלטע
ליגנס. מיט ז י ך.

◻

איבערשרויסן — טרוו. שרויף איבער, ~
געשרויפֿט. 1. (פֿאַר)שרויפֿן נאָכאַמאָל (עס זאָל
האַלטן פֿעסטער). א, די פּעדאַלן. 2. צו פֿיל
שרויפֿן און איבערדרייען אַ שרויף. א אַזוי
,
אַז די שרויפֿן האַלטן זיך ניט מער. 3.

אָנציִען איבער דער מאָס. א, די פּרײַזן. א, די קאַמפּאַניע קעגן עמעצן.

איבערשרײַ — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון איבערשרײַען (זיך). 2. הויך געשריי פֿון אַ צאָל. אַן א, פֿון אַ צווייטער גאַס.

איבערשרײַב — דער, ־ן. אַקט פֿון איבערשרײַבן. „צווישן דעם גואל און דעם שתּדלן איז טאַקע פֿאָרגעקומען אַן א, אויף דער וואָר“, ש. ביקל, טמז, 26 II 1954.

איבערשרײַבן — טרוו. שרײַב איבער, ~ געשריבן. 1. שרײַבן נאָכאַמאָל אָדער אַ צאָל מאָל. א, אויף ריין. א, אַלע העברעאיזמען. „ס'איז ניט ריין, שרײַבט עס איבער“. „ס'איז ניט שׂכלדיק צו הייסן די תּלמידים עפּעס א, עטלעכע מאָל“, רייד.

2. נאָכשרײַבן, אָפּשרײַבן פֿון אַ געגעבענעם טעקסט. קאָפּירן. „ער זאָל אים צוערשט לערנען ענגליש, געבן א'“, מ. אַחון, די צוויי שוועגער, ווילנע תּר״ס. „די גאַנצע מעשׂה געפֿינט זיך [אין פּנקס]...פֿון דאָרטן איז עס דערנאָך

איבערגעשריבן געוואָרן אין די כראָניקעס„, ממו□, 'וואָלין'. „גאַנצע שטיקער תּחינות און מחזור פֿלעג איך איר מוזן געכתיבֿעט א'“, פּרץ, 'נחת פֿון קינדער'. „געלט פֿאַרדינט ער זייער

ווייניק, אַמאָל פֿון אַ לעקציע, אַמאָל פֿון א',,,
אַך, 'דער נגיד'.

3. (פֿאַרמעקן, איבערשטרײַכן און) אָנשרײַבן
פֿון אויבן. ,,ווײַל אבר עטליכה ווערטר איב,
גשריבין זײַן גוועזין, האָט מן ניט רעכט
קענין ליאן'', ,כ,,י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669
[פֿש III].

4. פֿאַרריכטן און אָנשרײַבן פֿונדאָסנײַ,
אַנדערש. ,,אונ, מיר האבן דש גאַנצי (ספֿר) גלאזט
איבר שרײַבן אין אַזוי אי◌ן (לשון), דז עז
איטליכש קינד פֿר שטין קען,,, יוסיפֿון, אַמשט
1743. ,,זעלטן ווען ער האָט געהייסן אַן אַרטיקל
א, עס זאָל זיך לעזן גלאַטער,,, אַר, '
צוקונפֿטסאַרטיקלען'.

5. איבעראַנדערשן, שטאַרק איבערמאַכן. א,
די קאָנסטיטוציע. א, אַן אַרבעט פֿון די
יוגנטיאָרן. ,,און די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע וועט
אויפֿסנײַ מוזן א, זײַן ביִאָגראַפֿיע'', יג, טמז,
22 XI 1964. *א, די געשיכטע = אויך: זי
בכּיוון פֿעלשן כּדי צוצופּאַסן צו אַ טעאָריע,
שיטה.

6. איבערגעבן, איבערענטפֿערן פֿאַרמעגן דורך
אַן אָפֿיציעלער שריפֿט. א, (אַ קראָם, אַ
פֿאַרמעגן) אויף עמעצנס נאָמען. ,,ער וועט א, די

איבערשרײַטן

קראָם אויף זײַן ווײַבס נאָמען און גיי רוף אים קנאַקניסל“, רייד. „ווייסטו דען ניט אַז מע שרײַבט איבער די אימושטשעסטווע אויף דער ווײַבס נאָמען?“, ע. בּ. [עוזר בלאָשטיין], דער בּאַנקראָט, ווילנע 1893. „מע שרײַבט איבער אַלע געשעפֿטן אויף דעם ווײַבס נאָמען„, דעך נײַער וועלט קאַלענדאַר, בּאַרדיטשעוו תּרע“א. „דער שווער האָט שוין איבערגעשריבּן זײַן גאַנצן הויף מיט אַלע קלייטן אויף מײַן נאָמען“, שע, יוגגט־ראָמאַנען. *א, די וויוועסקע [= שילד] = א, דאָס געשעפֿט אויפֿן נאָמען פֿון ווײַבּ (אָדער אַן אַנדער נאָנטן מענטשן) און מאַכן פּליטה.

7. סעקוועסט(ר)ירן, אָפּשרײַבּן פֿאַרמעגן (פֿאַר ניט־בּאַצאָלטע חובֿות). „מע הייבּט אָן א', מען עפֿנט אומעטום און מע נעמט אַרויס וואו עפּעס ליגט„, ש. בּערנשטיין, ר, יאָכצע דל גאה, קעשענעוו 1884. „עס האָט ניט געדויערט לאַנג און מע האָט מיר איבּערגעשריבּן אַלע זאַכן אין שטובּ“, ממוס, 'חג האסיף'. „און איך דערמאָן מיך...מאָרגן קומט צו מיר דער

סודעבּני פּריסטאַוו א, און אויספֿאַרקויפֿן די
בּענקלעך מײַנע“, שע, מע□יות און פֿאַנטאַזיעס.
8. אינוועענטאַריזירן. א, אַלץ פֿון קראָם און
פֿון שפּײַכלער און וויסן וואָס מע פֿאַרמאָגט.
9. אַרכ. אָנשרײַבּן. „דר הובּט מן לאָזט
זיו איבּר בּעטן אונ, שרײַבּט דא איבּר אַן
דען קיסר“, שאַר.
איבּערשרײַבּן זיך — קזוו. ← דפֿוו. שרײַבּן
איינער צום אַנדערן, קאָרעספּאָנדירן. „אַ מיידל
האָט זיך צעקריגט מיט איר געליבּטן וואָס זי
פֿלעגט זיך מיט אים א',„ ש. בּעקערמאַן, די
שלימזלניצע, אַדעס 1887. „עס איז כ'לעבּן
אַ שאַנדע וואָס איך בּאַדאַרף זיך א, מיט דיר
ניט אויף ייִדיש„, שע, אין שטורעם. „די
גדוליהתּורה האָבּן זיך איבּערגעשריבּן וועגן די סאַמע
פּיצעלעך פֿון ריטואַל און יורידישער
פּראַקטיק“, ימ איבּז, שד II□.
־ונג. ־עכ□ן. ־עניש — „אַזוי איז
אַוועק צווישן אונדז אַן א', איו איר און זי
מיר„, שע, בּלאָנדזענדע שטערן II.
איבּערשרײַבּער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע,
־ס. 1. ווער עס שרײַבּט (זיך) איבּער (אין
אַלע בּבּ). „ער איז פֿריִער געווען אַ משרת...

נאַכהער אַ פּריקאַשציק...שפּעטער אַן א, בײַ
אַן אַדוואָקאַט,,, שמ"ר, הימעל און ערד און
שווינדעל, ווילנע 1889. ,,מחמת רבּי מאיר
איז טאַקע געווען אַ סופֿר, אַן א', אַ חכם
און אַ שרײַבער...,,, טמז, 1 l964 XII. ,,האָבּן
אַזעלכע א, ניט געקענט לייענען אַ פֿרִיערדיקע
האַנטשריפֿט..., זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן טעותים,,,
הרבֿ ▯. שורין פֿאָר, 2 .16 1964 X.
ניט,
פֿאַרטיפֿטער, ניט־אָריגינעלער מחבר. ,,איך האָבּ
ליבּ...די פּולבּלוטיקע שרײַבּער, נישט קיין
בּאַשרײַבּער און נישט קיין א',,, מ. נראָסמאַן,
היימיש. ־יש — אָדי. וואָס איז פֿון אָדער
אַזוי ווי בּײַ אַן א'. א'ע טעותים.
איבּערשרײַטן — טרוו. שרײַט איבּער, ~(גע)־
שריטן. דטשמ. איבּערטרעטן, איבּערשפּאַנען.
ספּעצ: 1. איבּערשפּרײַזן, אַריבּערגיין איבּער
אַ שטח. ,,בּעפֿאָר נאָך זיי האָבּן איבּערשריטן

איבּערשרײַען

דעם גרענעץ...,,, אמד, זיבּען דינסט מיידכען,
ווילנע 1873. ,,איטלעכס מאָל וואָס ער האָט
איבּערגעשריטן אין אַלכסון דעם גרויסן פּלאַץ,,,

בערג, אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט. 2. עובֿר זײַן, טאָן עפּעס מער ווי מע דאַרף. אַרויסגיין פֿון דער אײַנגעשטעלטער ראַם, אַרויסגיין פֿון גרענעצן. א, דאָס געזעץ ,,דאָס לעבן האָט שוין איבערגעשריטן דעם אַסימילאַציאָנס־פּעריאָד אין רוסלאַנד“, זשיט , נ,,י 1912. ,,ייִד זײַן — מיינט זיך אַזוי אויסאיידלען אַז מע זאָל ניט קענען א, די גרענעצן פֿון דעם וואָס מע טאָר ניט,,, הלל זײַדמאַן, טמז, 31 l964 I. ,,זי האָט איבערגעשריטן אירע קאָמפּעטענצן,,, טמז, 30 4 19 XI.

איבערשרײַען — טרוו. שרײַ איבער, ~ געשריגן (פּד), ~געשריִען (לד). 1. שרײַען העכער, שטאַרקער ווי אַן אַנדערער, ווי די אַרומיקע. ,,ייִדן בני רחמנים — שרײַט אָלע איבער אַ פּיסקל פֿון אַ גבֿאיטע“, פּרץ, בילדער און סקיצן. ,,צי האָט יעדער שרײַבער די פֿעאיקייט צו שרײַען און איבערצושרײַען אַלעמען?,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. ,, האָבן אַלע מיטאַמאָל געשריגן, ווי איינער האָט געוואָלט א, דעם אַנדערן“, אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. ,,מיט ל אַרעם און געפּילדער
י

האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אַקאָמפּאַנירט
און איבערגעשריִען", דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I,
נ"י 1924. א, דעם האַלדז און הייזעריק ווערן.
2. געבן אַ שם, נאָמען. א, עמעצן פֿאַרן
שטאַרקסטן (ערגסטן) אין דער גאַנצער סבֿיבֿה. "מע
האָט זיי באַלד איבערגעשריִען און גערופֿן
אַפּיקורסים", אמד, די שטאָט הרס, ווילנע
1868. *עס זאָל ניט איבערגעשריגן ווערן =
קיין עין־הרע זאָל ניט שאַטן.
איבערשרײַען זיך — אוטוו. ← דפֿוו.
1. שרײַען און אויפֿהערן. א, זיך און
אײַננעמען אַ שטומעניש. „נישקשה, דאָס קינד
וועט זיך א, און ווײַטער אַנטשלאָפֿן ווערן",
ממוס, קליאַטשע. „מע מוז לײַדן ביז זי וועט
זיך א„ זי וועט דאָך אייביק ניט שרײַען אַזוי,„
ש. ב. [ביקסאָן], די רײַזע אין אַפֿריקאַ, ווילנע
1898. 2. קזוו. שרײַען איינער צום אַנדערן.
זיך א, מיט דער שכנה פֿון קעגנאיבערדיקן
פֿענצטער. „דער אַשמדאי שרײַט זיך איבער
מיט די רוחות און גיט זיי אונטער חשק
גיכער נאָך אים צו פֿליִען", ממוס, קליאַטשע.
־אונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.
איבערשרײַעריש — אַדי. וואָס איז פֿון

אָדער איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן איבערשרײַער. מיט א'ער תּקיפֿות.

איבערשריפֿט — די, ־ן. אויפֿשריפֿט איבער געשריבּנס אָדער געדרוקטס. טיטל אָדער אונטערטיטל איבער אַן אַרטיקל, קאַפּיטל, קורצער דערציילונג אע. „זופּרסקריפּצין — א',,, י. מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. „א'ן אויף יעדן מזמור“, פֿאַש, 4 1949 III. „אַ צווייטע אַרבעט טראָגט ווי אַן א אַ פּסוק פֿון תּהילים,,,

,

צײַט, טמז, 2 ◻ 1961 I. „דאָס איז געווען אַ ווענדונג...אונטער דער א'...,,, א. מענעס, פֿאָר, 22 5◻19 I.

1

איבערשרעק — דער, מצ ווי אצ & ־ן. אַקט פֿון איבערשרעקן. פּלוצעמדיקער שרעק. שטאַרקער שרעק. אויפֿציטער פֿון פּחד. פֿאַרלירן דעם אָטעם פֿון א'. „פֿון אַ גוטן א, קען אַ מענטש אַראָפּ פֿון זינען,,, פֿוול. „קיין פּלאָג, קיין קראַנקייט, קיין א, זאָל ניט קומען אויף דעם מענטשן,,, מ. דלוגאַטש, קמ, 25 1870, No.

,,עס זאָל ניט שולט זײַן אין קיין שום שטוב
קיין פֿײַער און קיין ברענונג און קיין שום
א'“, איין נײַע שס תּחנה, מקרא קודש,
פּיעטריקאָוו 1881. ,,הײַנט דער א', וואָס מע האָט
אים אויפֿגעכאַפּט ווי ער שטייט און גייט“,
שע, אָרעמע און פֿריילעכע ־ונג, מסתּרי
פּאַ.
ריז, וואַרשע 1865.
איבערשרעק ◌יק — אַדי. נעאָל. פּפֿ: ~־
עווידיק. וואָס מע קען איבערשרעקן. אַן א,
קינד. ־באַר — דטשמ. נר.
איבערשרעקלעך — אַדי. זייער שרעקלעך;
וואָס איז שרעקלעכער פֿון שרעקלעך. וואָס
וואַרפֿט אָן אַ פּחד. ,,ערגעצוואו איז פֿאַראַן אַן
ענטפֿער אַפֿילו אויף די שרעקלעכע, א'ע קשיות,,,
צײַט, טמז, 28 1964 II. ־קייט.
איבערשרעקן — טרוו. שרעק איבער, ~
געשראָקן. אַרויסרופֿן די איבערלעבונג פֿון שרעק.
א, עמעצן אויף טויט. ,,האָט ער גענעכטיקט
אַליין אין פֿעלד, איז ער איבערגעשראָקן
געוואָרן. איז בײַ אים אַוועקגענומען געוואָרן
דער בוח“, נחב, 'מעשׂה מחכם,. ,,דו וועסט
מיך אַלץ א, און אויס דעם בעסטן שלאָף
אויפֿוועקן“, עט, משלים. ,,פֿון ערגעץ אַ ווינקל

שפּרינגט אַרויס אַ ציג, וועלכע אַ פּאָר ווײַסע
חבֿרהניקעס האָבן איבערגעשראָקן,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,אַ קלאָג צו אײַך! איר האָט דאָך
מיך איבערגעשראָקן אויף טויט,,, שע.
איבערשרעקן זיך — ← דפֿוו. זיך א,
און בלײַבן אין חלשות. ,,האָט זיך דער מלך
מיישבֿ געווען: איך וועל פּלוצעם שיקן נאָך
זי□, וועלן זיי זיך זייער א'“, נחבֿ, ,מעשׂה
בחכם ותּם'. ,,די פֿערד האָבן זיך
איבערגעשראָקן — אויסגעקערט די קאַרעטע,,, ממוס,
מסעות. ,,איך וויל אין דער פֿינצטער ניט קלאַפּן,
ער קען זיו א',,, ספּ, נליקלעכע און
אומגליקלעכע. ,,איך האָב זיך פֿאַר אײַך גאָרניט
איבערגעשראָקן...איר וועט מיט אײַער שרײַען
גאָרניט אויספֿירן,,, ש. בעקערמאַן, דער
זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איבערשרעקעוריק — אַדי. 1.
איבערשרעקיק. וואָס מע קען איבערשרעקן. 2. [מיט
צוויי אַקצענטן] וואָס איז זייער שרעקעוודיק.
א'ער האָז.
איבערשתּדל(נ)ען זיך — [...שטאַדלע(נע)ן]
אוטוו. שתּדל(ן) זיך איבער, זיך ~געשתּדל(נ)ט.

ווידער, נאָכאַמאָל פּרוּוון אויספּועלן עפּעס בײַ
אַ מאַכט, בײַ אַ שׂררה. זיך משתּדל זײַן אַ
צאָל מאָל. א, זיך בײַם גובערנאַטאָר און
דערנאָך אין פּעטערבורג וועגן דער גזירה אויף
ייִדן אין די דערפֿער.
איבערשתּיהן זיך — [...שטיִען] אוטוו. (
אומאיידל) זיך אָנטרינקען מיט אַלקאָהאָל און

איגאָלאָטשניק

ווערן זייער שיכּור. זיך א, און זיך וואַלגערן
אַ האַלב־טויטער אין מיטן גאַס.
איבערשׂכלדיק — [...סייכלדיק] אַדי. 1. וואָס
איז צו שׂכלדיק, זייער קלוג, איבערגעשפּיצט.
„אויסקלערן פֿאַרשיידענע א'ע מעשׂיות וואָס
קלינגען אמתדיק, כּדי אַרײַנצונאַרן די
זשאַנדאַרמען“, א. בנדאַוועץ, פּאָליטישע פּראָצעסן,
זשענעוו 1904. 2. וואָס איז העכער, למעלה
מן השׂכל; וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן מיטן
שׂכל, מיט לאָגישע אַרגומענטן. „דעם ענין
ייִד־זײַן [ווערדליג פֿרוידן] באַווירקן כּוחות וואָס
לאָזן זיך נישט דערקלערן על־פּי שׂכל.
איינער קאָן זאָגן אַז דאָס זײַנען כּוחות א'ע„,
צײַט, טמז, 8 1963 II.

איבּערשׂכלען — [...סייכלען] טרוו. שׂכל איבּער, ~געשׂכלט. איבּערקליגן. בּײַקומען, גובֿר זײַן מיט שׂכל, מיט אַן אײַנפֿאַל, המצאה אע. א. דעם תּמעוואַטן. א, די בּאַשולדיקונג. מיט ז י ך — א, זיך און פֿאַרשפּילן ווי אַ נאַר. ־עניש.
איבּערשׂרפֿע(נע)ן — [...סאַרפֿע(נע)ן] טרוו. שׂרפֿע (שׂרפֿן) איבּער, ~געשׂרפֿעט (~ געשׂרפֿנט). (בּאַנוצט עמאָציאָנעל). 1. נאָכאַמאָל, ווידער דורכבּרענען. א, דעם פּאַסקודנעם פּרצוף מיט וויטריאָל. 2. גרינטלעך אויסבּרענען. א, די קישקעס מיט בּראַנפֿן. 3 שׂרפֿענען
אי.
בּער דער מאָס פֿאַרבּרענען. מאַכן צו שאַרף.
.
א, דאָס פֿלייש. א, די זופּ מיט צו פֿיל פֿעפֿער. מיט ז י ך.
איבּערתּהינהן — [...טכינען] אוטוו. תּחינה איבּער, ~געתּחינהט. 1. זאָגן אַ סך תּחינות. „וואָס די בּאָבּע האָט שוין איבּערגעתּחינהט אין איר לעבּן“, רייד. 2. בּעטן זיך מיט טרערן, מיט אַ סך רייד. א, פֿאַרן קרעמער, ער זאָל ווײַטער געבּן אויף בּאָרג.
איבּערתּכלעווען — [...טאַכלעווען] טרוו.

תּכלעווע איבּער, ~געתּכלעוועט. פֿאַרתּכלעווען אַ
סך. א, די ירושות פֿון טאַטן און פֿון פֿעטער.
א, די כּוחות אויף גאָרנישט.

א▯בּריי'ק — דער, ־עס. פּקפֿ: ־ל. אויך:
ליבּריי'ק. < אַראַבּיש. א״י. קריגל, בּאַנקע
(צו האַלטן מילך, וואַסער אאַ פֿליסיקייטן). ווערט
אויך געניצט ווי אַ מאָס. קויפֿן אַן א, מילך
= אַ קוואָרט מילך. [קאָס, דיסערטאַציע.]

-

איבּה — [אייווע] די. מצ נבֿ. מייִ [אַווע ▯I].
פֿײַנטשאַפֿט שׂנאה.

.

איבֿת־עולם — [אייוואַס אוילאָ▯] די. אין
לשון פֿון תּח, משׂכּילים. < יחזקאל, לה, 5.
אייבּיקע פֿײַנטשאַפֿט. די גויִם מיט זייער א'־ע,
צו ייִדן.

איבֿת־עולם לעם עולם [... לייאַם...]
= אייבּיקע פֿײַנטשאַפֿט צום אייבּיקן פֿאָלק.
מליצהדיקע בּאַצייכענונג פֿאַר אַנטיסעמיטיזם.
פּאַראַלעל צו: שׂנאת עולם לעם עולם.

איגאָ'לאָטשניק — דער, ־עס. רוסיצ. 1. ווער
עס האַנדלט מיט נאָדלען אָדער בּכלל מיט

ביליקע אַרטיקלען סחורה. 2. ווער עס פֿירט
זיך מעשׂה קבצן אָדער קמצן, האָט קליינע
השׂגות. „פֿאַר אַן א, איז אַ קוליש אַ יום־טובֿ„.
*שטיין אויף א י ג אָ ל ק ע ס [נאָדלען] = זײַן
אין גרויס אײַלעניש.

איגואַנאָדאָן
איגואַנאָדאָ'ן — דער, ־ען. < איי < גר.
(פּאַלעאָנטאָלאָגיע)
ריזיקער גראָז־
פֿרעסעוישער דינאָזאַווער,
וואָס זײַנע שפּורן האָט
מען געפֿונען אין
בעלגיע און ענגלאַנד
(אין פֿריִערדיקע
געאָלאָגישע שיכטן). ווי
זײַן סקעלעט ווערט קאָנסטרואירט ווײַזט דאָס
בילדל. 1I uano(1on
איגואַנע — די, ־ס. < איי < האַאיטיש.
גרויסע, לאַנגע (ביז 6 פֿוס)
יאַשטשערקע פֿון דער
טראָפּישער אַמעריקע. האָט אַ
פֿילקאָליריקע הויט. לעבט
אויףביימער בײַ וואַסער

בּרעגן. נערט זיך מיט
פֿרוכטן, אינזעקטן, קליינע
וואַסער־בּאַשעפֿענישן. די אײַנגעבּוירענע עסן א'ס
און האַלטן אַז דאָס פֿלייש איז זייער בּאַטעמט.
.guana
איגוד — דער, ־ים. א"י. פֿאַראיין, פֿאַרבּאַנד.
פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניקונג. „אַז דו געהערסט
ניט צום א, בּיסטו אַ פֿאַרלאָרענער„, רייד.
„אַלע פּקידים געהערן צום א, עובֿדי המדינה",
רייד.
איגומען — ← איהומען. „ער איז געוואָרן אַ
...גײַסטלעכער מיטן טיטל א'", ייִפֿאָל, 1882,
.No 47
איגל — [אַרויסגערעדט: אייגל?] די, ־ען(?).
.Mhd: e1(e) אַרכ. מיי. פּיאַווקע.
„עשׂ איז גאַר גוט דשׂ מן דיא קליינה
[קראַנקע] קינדר זאָל לאָזן אין דען
דיקן פֿון פֿוס...זעטצן...איין איגול,
דז וואול בּלוט אַרוישׂ קומט„, ש.
פֿראַנקפֿורט, ספֿר החייס II, קיטן תּע„ז.
„[אום שבּת] איז אָסור א, צו שטעלן„,
הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם,
אונגוואַר iru(lO me(1icina1is.l864].

איגל — דער, ־ען? M d: iI e1. אַרכ. מיִ. טוו
פּאַר 'אנקה, (בּאר משה,
בּאר התּורה, בּ, מלל
אאַ). אויך 'קפּוד, ווערט
אַזוי פּאַרטײַטשט (אבּ,
מלל, בּאר משה אאַ).
אַזוי אויך בּײַ אָפּאַ, ,
חומש־ווערטער', ייִשפּ I, 1. איזשאַק, יאָזש(יק),
שטעכלער, נאָדלער. „און, עשׂ ווערט אַרבּן זיא
איילן און, איגלן“, סהמ, ישעיה, לד, 11. „זוא
האָט ער אים דיא הויט פֿון איין א, אום זײַן
אויגן גיבּונדן...אַזו איז (בּבֿא בּן בּוטא) בּלינד
דר פֿון גיוואָרן“, מהמ, אַמשט 1722, רבֿ/א.
.] inaCeus eu O] aeus
איגלאַווע — גנ. אויך איגלע. פֿון די
עלטסטע ייִדישע קהילות אין מערן (ערשטע העלפֿט
13. י״ה). איבּער דער בּאַשולדיקונג אַז ייִדן
העלפֿן די הוסיטן, זײַנען זיי אַרויסגעטריבּן
געוואָרן פֿון שטאָט און זיך בּאַזעצט אין
אַרומיקע שטעטלעך. זינט 1648 האָבּן ייִדן

קומען דערלויבעניש צײַטווײַליק צו קומען קיין
א, האַנדלען. זיי באַזעצן זיך אויף שטענדיק
אין l848. אין 1,450 — l900 ייִדן. 1930 —
1,100 ייִדן.
איגלו — די, ־ס. < איי < עסקימאַ. הײַזקע
געמאַכט פֿון האַרטן שניי.
איגלינסק — גנ. e(1linsk ▯.: ▯.. אָרעם
שטעטל אין ראָדעמער קרײַז מיט צונעמענישן: א'ער
פּאַרכעס, ליקעס. 1931 — 762 ייִדן.
איגלעך — אַדי. פּראָ. דזוו איטלעך ←. „דא
דורך איין איגליכר בן אדם פֿון אַלן קללות
[פֿון דער תּוכחה] פֿרײַא ווירד“, קאַל, לבֿ
בּנים על אבֿותם, האַלע 1732.
אי גמירנא — גמירנא — זאַץ. תּח. ווײַטער
גייט: ,ואי לא — אַזלינא וגמירנא, [... געמירנא
... וועאי, לוי...] < סנהדרין, ח/א. 'אויב
איך האָב געלערנט — האָב איך
געלערנט, אויב ניט — וועל איך גיין לערנען'.
[אויפֿן סמך פֿון דבֿריס, א, l7. משה האָט
געזאָגט: „און די זאַך וואָס וועט זײַן שווער
פֿאַר אײַך, זאָלט איר בּרענגען צו מיר און
איך וועל זי אויסהערן“, תּי.] געניצט מיט
בּב: 1. וועל איך קענען די הלכה — איז
מה טובֿ; אלא ניט, וועל איך זיך ניט שעמען

נאָר כ'וועל גיין לערנען. 2. אויבֿ איך וועל
גלײַך כאַפּן דעם שׂכל דערפֿון — איז דאָך
ניט שייך, אלא ניט, וועל איך נאָכאַמאָל
לערנען בּיז כ'וועל משׂיג זײַן.

איגן — ← עגן. M□d: e]□en. אַרכ.
בּראָנעווען. „שׂדד. כּתישה וחרישה. אַקרן. אידן [
דרוקפֿעלער: דאַרף זײַן — איגן]“, שווּבֿ.

איגנאַטאָווקע — גנ. נאָמען פֿון אַ צאָל
שטעטלעך אין פֿאַרשיידענע געגנטן. געווען אַן
א, אין קיִעווער גובֿ, (1897 — 926 ייִדן), אין
ראָוונער קרײַז און אַ ייִדישער
לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ייִשובֿ לעבֿן לויצק, געגרינדעט
1838.

איגנאָראַמוס — דער, ־ן. ל. 'מיר ווייסן ניט'.
אומוויסנדיקער עם־האָרץ. „מע רופֿט זיך...
דראָנג, דובּינע, א'“, יהואָש. „ווי וואולגאַרע
א'ן ווילן עס טאָן אין זייער אומוויסנהייט„,
ייִז, קאַרנאָווסקי. [דער זאַץ א, עט
איגנאָראַבּימוס בּ: מיר ווייסן ניט און מיר וועלן ניט
וויסן, ווערט אָנגעווענדט בּנוגע געטלעכקייט,
בּנוגע די עיקרדיקע סודות פֿון זײַן.]

איגנאָראַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
< איי < ל. אומוויסנדיקער, עם־האָרץ. ווער
עס האָט בּכלל ניט קיין וויסן אָדער נאָר אויף

אַ באַשטימטן שטח. אַן א, אין קונסט. אַ
פּאָלנער א'. „איר זענט אַן א', אַ גראָבער־יונג
און אַ נאַכאַל און אַן עזות־פּנים דערצו“, שע,
אײַזנבאַן־געשיכטעס. ־קייט. ־יש — אַדי.
איגנאָראַ'נץ — די, ־ן. ← דפּוו.
אומוויסנקייט. אומוויסנדיקייט. עם־הארצות.
אומקענטשאַפֿט. „אַ נישקשהדיק קענען אַלגעמיינע
ליטעראַטור פֿאַרט זיך בײַ אים מיט פּולער א,
אין דער ייִדישער ליטעראַטור“, רייד.
איגנאָראַציע.
איגנאָרירן — טרוו. ־ריר, איגנאָרירט. 1.
אינגאַנצן זיך ניט רעכענען מיט עפּעס. א, די
סכּנה. א, יענעמס רייד. א, די גוטע עצה. א,

איד

דעם דאָקטערס וואָרנונג. „דער תּלמוד איז זייער
וויַיט פֿון א, אָדער אונטערשעצן די אוממאָר□ו.
לישע נייגונגען אין מענטשן“, גרינ, איד א□I.
וועלט. 2. אַרויסוויַיזן ביטול צו עמעצן. ניט
לייגן קיין שום אַכט אויף עמעצן. א, דעם
עולם־גולם. א, די ווייַלערס. „מע האָט דעם
לייענער איגנאָרירט, מע האָט אים ניט
פֿאַרבעטן אויף דער חתונה פֿון דער ייִדישער

פּאָעזיע,,, יג, תּוך. 3. ניט באַטראַכטן, ניט נעמען אין אַכט. א, אַ בּקשה, אַ פּראָטעסט.
־ןנ.
איגער — דער. דזוו אוגער ←. אבֿק.
איגרושקע — די, ־ס. רוסיצ. שפּילעכל, שפּילצײַג. שענקען דעם קינד אַ שיינע א'. ,,לערנען אויף דאָקטער איז ניט קיין א',,, רייד.
איגרושעטשנע — אַדי. אַ מיידל מיט רויטע בּעקעלעך און א, הענטעלעך.
אירת — ← אגרת.
איגרת השמד — [... האַשמאַד] דער. 'בּריוו (וועגן) שמד, אָדער 'מאמר קידוש־השם, פֿון רמבּם וואו ער פּסקנט, אַז אויבֿ אַ ייִד האָט מחמת אונס אָנגענומען דעם מוסולמענישן גלויבּן, קאָן ער ווערן בּאַטראַכט ווי אַ ישׂראל לכּל דבֿר, אין אַלע פֿאַלן פֿון לעבּן.
איגרתל — [איגע'רעסל, אויך: גערעס I דאָס, ־עך. בּריוול (מיט בּײַטעם פֿון פֿאַרמינערונג אָדער בּיטול). אָנשרײַבּן אַן א, דעם שווער און דערמאָנען וועגן צוגעזאָגטן נדן. ← אגרת.
איגרת־מרד — [... מערעד] דער. מצ:
איגרות... [איגרויס]. > כּתובות, סד/א. '
ווידערשפּעניקייט־בּריוו'. כּתבֿ וואָס בּית־דין גיט אַרויס

דעם מאַן אָדער דער פֿרוי, אַז איין צד וויל
ניט לעבן מיטן צווייטן. [לויט טייל פּוסקים
קאָן מען אין אַזאַ פֿאַל דעם מאַן צווינגען
ער זאָל געבן אַ גט זײַן פֿרוי.]

איגרת־תּימן — [... טיימאָן] דער. 'בריוו
(געשיקט קיין) תּימן'. רמבמס בריוו צו די
תּימנער ייִדן, וואו ער וואָרנט קעגן גלייבעניש
אין פֿאַלשע משיחים.

איד — דער. מצ נב. 1. אין ל דזוו עס (i(l)).
פּערזענלעכער פּראָנאָם פֿון נייטראַלן מין,
איינצאָל. 2. (פּסיכאָאַנאַליז) סכום פֿון אינסטינקטן,
אימפּולסן, גלוסטעניש, פֿאַרשטויסן אין
אונטערבאַוואוסטזײַן, אין אומוויסיקייט, אָן
אייבערהערשאַפֿט פֿון מאָראַל אָדער לאָגיק.

איד — לד. ליטרש. ← ייִד. אַזוי אויך אַלע ווער
טער מיט דעם שורש: אידיש ← ייִדיש;
אידענע ← ייִדענע אאַזוו. זיך מערקן איד... אין מאָ[illegible]ו
קירצונגען: אידסעקציע, אידגעזקאָם אאַ. [דער
אויסלייג איד אַנשטאָט יוד איז אויפֿגעקומען
אין ווילנער דרוקן אין די 20ער יאָרן פֿון
19. י,,ה און זיך ביסלעכווײַז פֿאַרפֿעסטיקט
במשך פֿון גאַנצן 19. י,,ה אין אַלע דרוקן
אויפֿן שטח פֿון לד. סוף 19. און אָנהייב 20.
י,,ה איבערגענומען געוואָרן אין ביכער,

בּראָשורן, פּעריאָדישע אויסגאַבּעס אויך אין אַנדערע דד. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט בּאַזונדער פֿעסט זיך אײַנגעשטעלט דער אויסלייג איד, אידיש אאַזוו, ווײַל די ערשטע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבּעטער פֿון צײַטשריפֿטן

אידאָ

זײַנען געווען ליטווישע ייִדן.] „דיזע איבּערזעצונג דער ענטדעקונג פֿאָן (אַמעריקאַ) האָבּ איך פֿאָן מײַנע עבּרעישע איבּערזעצונג אויף איינען ריינען גרינגען אידיש טײַטש איבּער גישריבּן„, מרדכי־אַהרן גינצבּורג [זײַן נאָמען פֿעלט], ענטדעקונג פֿאָן אַמעריקאַ, ווילנע תּקפּ„ד, פֿאָררײדע. „אַפֿילו זייער אַ שיינער אידל, קיין פּראָסטאַק“; „איך האָבּ דעם שענקל אָנגענומען אין דער אידישער גאַס“, מסדר אגרת, ווילנא והוראדנא תּקפּ״ה. אין איבּז פֿון □ □ıa□]e□(.□]a□[]][a3□]□ ,ווילנע 1831, □73: „אויף אַללע אידישע אָבּשצעסטוועס“. די ערשטע פֿאַרצייכענונג מיט אַן א, ווי אַ רעזולטאַט פֿון אָנשרײַבּן ווי מע הערט בּײַ משה מאַרקוזי, עזר יִ□tראל, פּאָריצק 1789: „פֿאַרוואָס ריידן מיר אַלע אידעש, דאָס הייסט שלעכט דײַטש?„

אידאָ — דאָס. מצ נב. נאָמען פֿון אַ קינסטלעך
געשאַפֿענער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך, אַ
פֿאַראייניפֿאַכטע פֿאָרעם פֿון עספּעראַנטאָ.
אידאָל — דער, ־ן. < איי < ל, גר. 1.
אָפּגאָט, געץ. געשטאַלט פֿון אַ מענטש אָדער
בעל־חי, אין שטיין צי אין האָלץ, וואָס דאַרף
רעפּרעזענטירן אַ גאָט און איז אַן אָביעקט
אים צו דינען. 2. רוח, שד, ניט־גוטער. „מע
קען גאָר פֿון אים קיין מענטש ניט מאַכן,
אַזאַ א'", רייד. 3. אידעאַל אָדער אידיי וואָס
האָט געהאַט אַרויסגערופֿן גרויס
איבערגעגעבנקייט, אָבער דערנאָך זיך אַרויסגעשטעלט ווי
אַ פֿאַרפֿירערישע פֿאַנטאַזיע. „עס האָט אָן
חשבון מײַן לײַכטזין אַ שיינעם א, באַשאַפֿן
און איך האָב אים פֿאַרגעטערט", יהואַש,
בלומען און דערנער. 4. ווער עס איז דער אָביעקט
פֿון איבערגעטריבענע שבֿחים און פֿאַרערונג.
דער א, פֿון דער יוגנט. "אין אַ טאָטאַליטאַרן
רעזשים קען מען ניט אויסמײַדן קיין
פּערזאָנען־קולט. מע דאַרף אַן א, פֿאַרן פֿאָלק", רייד.
—אָקלאַ'סט — צעשטערער פֿון אידאָל(ן).
־אַטריע — געצנדינערײַ. ־אַטריש — אַדי.
א'אַטריזם.
א ירן — טרוו. ־זיר, אידאָליזירט. אויך:

אַטריזירן. מאַכן אָדער האַלטן פֿאַר
אַן אידאָל. פֿאַרגעטערן, האַלטן פֿאַר געטלעך.
א, אַ שיינעם אַקטיאָר. א, דעם פֿירער,
דיקטאַטאָר אע ־ונג.

.

אידאָקראַ'ז — דער, ־ן. < איי < גר.
איידלשטיין, סאָרט גראַנאַט פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן,
לרובֿ העל־בלוי. א'ן געפֿינט מען אין דער
פֿאַרגליווערטער לאַווע פֿון וועזוּוויוס.
אידיאָ־ — < גר. ערשטער טייל פֿון
צונויפֿהעפֿטן־אינטערנאַציאָנאַליזמען מיטן ב: אייגן,
באַזונדער, אַנדערש. אין בּיִאָכעמיע און מעדיצין:
וואָס פּראָדוצירט זיך אַליין.
אידיאָבלאַ'סט — דער, ־ן. < איי < גר.
1. (בּיִאָלאָגיע) 'קערנדל', די סאַמע קלענסטע
(בלויז היפּאָטעטישע) איינס אין דער פֿאָרמירונג
פֿון אַ לעבעדיק קעמערל. 2. (באָטאַניק) אַן
איזאָלירט קעמערל וואָס איז אַנדערש ווי די
אַרומיקע קעמערלעך. ־יש — אַדי.
אידיאָגאַמיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
1. (מעדיצין) פֿעאיקייט פֿון אַ מאַן צו לעבן

געשלעכטלעך נאָר מיט איין באַשטימטן טיפּ
פֿרוי (און אומפֿעאיקייט צו לעבן מיט אַנדערע
טיפּן פֿרויען). 2. געזעלשאַפֿטלעכע, יורידישע
באַגרענעצונג אויף דעם מאַן צו מעגן לעבן
נאַר מיט איין פֿרוי ־מיזם. ־מיסט.

▯

.

אידיאָגראַמ'▯; — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס איז
אייגנהענטיק אָנגעשריבן. אַוועקוואַרפֿן די בריוו,
געשריבן אויף אַ שרײַבמאַשינקע און אויפֿהיטן
די א'ן. 2. כאַראַקטעריסטישע אונטערשריפֿט.
קלײַבן א'ן. 3. ספּעציפֿישער צייכן, עמבלעם
פֿאַר אַ פֿירמע.
אידיאָ'ט — דער, ־ן. ווג ־ין, ־קע, ־ס. > איי
> ל, גר. [ערשטיקער ב: פּריוואַטער, פּראָסטער
מענטש.] 1. שוואַכזיניקער, גײַסטיק ביז גאָר
צוריקגעשטאַנענער (אַזאַ וואָס קען ניט
אויפֿפּאַסן אויף זיך; טראָגט ניט קיין יורידישע
אַחריות פֿאַר זײַנען מעשׂים). גיי הייל אויס
אַן א'! „נעמט איר...רײַכע א'ן — האָט איר
יעמאָלט פֿאַר זיך דעם קאָסמאָפּאָליטישן
אידעאַל פֿון 'דעם סתּם מענטשן'. אַן א, איז אַן
א, — אַלצאיינס פֿון וועלכע עלטערן ער
שטאַמט“, זשיט II, נ״י 1912. 2. סתּם
אָפּגעריסענער נאַר, גולם, גרויסער שוטה. רעדן

ווי אַן א, ־יש — אַדי. א'ער קאָפּ ־ישקייט.

. .

אידיאָטי'זם — דער, ־ען. 1. אייגנשאַפֿט אָדער טואונג פֿון אַן אידיאָט. אומזיניקייט. סאַראַ א אַזוי צו רעדן! 2. דזוו אידיאָם, אידיאָמאַ,

טישער אויסדרוק.

אידיאָטיע — די. מצ נב. (איַינגעבאָרענע) בולטע שוואַכזיניקייט, פֿולער אָפּהאַלט אין גיַיסטיקער אַנטוויקלונג. „די פֿאַרקערפּערונגען פֿון דער קליינבירגערלעכער א',,, י. דאָברושין, דוד בערגעלסאָן.

אידיאָ'טיקאָן — דער, ־ען (־ס). < איי < גר. רשימה ווערטער (אויך ווערטערבוך) פֿון איין באַשטימט אָרט אָדער פֿון אַ גאַנץ ריידעניש. רשימה פֿון באַראַקטעריסטישע און ספּעציפֿישע ווערטער פֿון אַן אָרט פֿון אַ ריידעניש אָדער

,

אַ גאַנצן דיאַלעקט. א, פֿון כעלעם. וולאָצלאַווקער א'.

אידיאָטסטווע — די, ־ס. סל. אידיאָטישע אויפֿפֿירונג, טואונג, האַנדלונג. „אויף אַזאַ א, האָב איך זיו ניט געריכט,,, רייד.

אידיאָם — דער, ־ען. < איי < ל, גר.
1. שפּראַך אָדער דיאַלעקט, אָדער ריידעניש וואָס איז אַן אייגנשאַפֿט און אַ באַזונדערקייט פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, אַ טייל פֿאָלק, אַ שבֿט, אַ גרופּע, אַ געגנט אָדער פֿון אַ סאָציאַלער שיכט אין דער באַפֿעלקערונג. א'ען פֿון אָפּגעזונדערטע שבֿטים. א, פֿון קיניגלעכן הויף, פֿון די אונטערשטע קלאַסן אאַזוו. „דערציילט ...וועגן דעם שטאַרקן דרוקאַקצענט פֿון דעם לאָדזשער א, און רעדט וועגן דעם אַז די אומבאַטאָנטע טראַפֿן זענען דעריבער ס'רובֿ אומדײַטלעך“, ימ, ייִפֿאַ, 1938, 10. „זיי האָבן ווי אַ שותּפֿותדיקן שטריך געהאַט בלויז דעם אַראַבישן א'„, צײַט, אין קאַ[illegible]ף פֿאַר אַ ייִדישער מלוכה. 2. אַלגעמיינער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פֿון אַ שפּראַך. דער ענגלישער, פֿראַנצייזישער אאַזוו א'.
3. שפּראַכיקער אויסדרוק וואָס פֿאַרמאָגט אַן

-

אידיאָמאָרפֿיש

אייגנאַרטיקייט, אַ באַזונדערקייט און וואָס זײַן באַטײַט דרינגט ניט אַרויס דירעקט פֿון זײַנע

באַשטאַנדטיילן. מע קען ניט אַן א, איבערזעצן
וואָרט בײַ וואָרט אין אַן אַנדער שפּראַך. [,וואָס
מאַכט איר? ווי גייט עס אײַך?, — אויף ייִדיש;
'וואָס איז דײַן פֿרידן?, — אויף העברעאיש;
'ווי טראָגט איר זיך?, — אויף פֿראַנצייזיש;
ווי לעבט איר?, — אויף רוסיש; 'ווי טוט איר
טאָן?, — אויף ענגליש אאַזוו.] אַ שפּראַך רײַך
(אָרעם) מיט א'ען. אַ רשימה א'ען. [אין גרויסן
ווב קומט אָפּט אַ שטערנדל * פֿאַר אַן א'.
← רשימות א'ען בײַ א ו י ג, א ו י ע ר אאַ.
נאָך דוגמאות: אַראָפּלאָזן די נאָז, פֿאַררײַסן
די נאָז, אַרומגיין מיט אַ לונג־און־לעבער אויף
דער נאָז; אַן אײַזערנער קאָפּ, מיט אַן
אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, פֿאַרדרייען דעם קאָפּ אאַזוו.]
,,קענען באמת אַ לשון הייסט קענען ריכטיק
ניצן זײַנע א'ען", רייד. ,,אויף א'ען אַליין לעבט
ניט קיין שפּראַך", יג, תּוך. ,,אַזאַ געשטאַלט
שפּאַנט אַרײַן אין לשון פֿון פֿאָלק, ווערס א',
ווערט שפּראַך־נמשל", ש. ביקל, שרײַבער פֿון
מײַן דור.
4. פֿאָרעם, קאָנסטרוקציע, אויסדרוק וואָס
איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ שרײַבער, רעדנער,
אייגנאַרטיקן ריידער. אשט'ס א, מיט די
דורכגעלאָזטע הילפֿסווערבן. 5. כאַראַקטעריסטישער

סטיל פֿון אַ קינסטלער, אַ מוזיקער. דעם
קאָמפּאָזיטאָרס מוזיקאַלישער א'. שאַגאַלס א'.
אידיאָמאָגראַפֿיע — די, ־ס. באַשרײַבונג
פֿון אידיאָמען. טייל לינגוויסטיק וואָס פֿאַרנעמט
ז ך מיט באַשרײַבן, מיט אויסטײַטשן אידיאָמען.
י
־פיש — אַדי.
אידיאָמאַטיק — די. מצ נב. 1. סכום
אידיאָמען. א, פֿון אַ שרײַבער, פֿון אַ ווערק. 2.
באַזונדערקייט פֿון אַ לשון אָדער סטיל.
שפּראַכיקע אייגנאַרטיקייט. א, פֿון יידיש. יידישע
א, פֿאָרשן די א, פֿון אַ שרײַבער, פֿון אַ
.
געגנט, פֿון אַ גאַנצן דיאַלעקט.
אידיאָמאַטיש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער
מיט אַן אידיאָם (←); וואָס האָט אַ שײַכות
צו אַן אידיאָם אָדער אידיאָמען; וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אידיאָם אָדער אידיאָמען;
וואָס איז רײַך מיט אידיאָמען. „מיר לייענען
בײַ לעווינזאָנען אין דעם ערשטן טייל פֿון
זײַן הפֿקר־וועלט, אַשטייגער אַזאַ מין ט ף א'ן
שמועס: 'ר, פֿײַטל: ווער איז דער ייִד?...
פֿונוואַנען אַ ייִד?...אַ שקלאָווער? אַ מאָהילעווער?
אַ וויטעבסקער?'", שנ, דערציילערס און

ראָמאַניסטן I. ,,באָבעס פֿלעגן רעדן אַזאַ רײַכן א'ן ייִדיש, אַז דו פֿלעגסט ממש שלינגען זייערע ווערטער,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן II. ,,דאָ העלפֿט אים גאָר שטאַרק אַרויס זײַן א'ער פּויליש־ייִדישער לשון“, ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער. א'ער א ו י ס ד ר ו ק — ←
אידיאָם ב3. א'ער ב אַ נ ו ץ. ־קייט.

▯

אידיאָמאָרסיש — אַדי. < איי < גר.
1. וואָס האָט אַן אייגענע, אַ ספּעציפֿישע פֿאָרעם. 2. (מינעראַלאָגיע) וואָס איז אויסגעפֿורעמט פֿון אייגענע קרישטאָלן, ווי אַ רעזולטאַט פֿון אייגענער קריסטאַליזאַציע. א'ע מינעראַלן. ־קייט.

אידיאָמיש

אידיאָמיש — אַדי. דזוו אידיאָמאַטיש. ,,נישט אין א'ן זין ניץ איך דאָ דעם אויסדרוק 'אַלט ווי דער גלות', נאָר אין קולטור־היסטאָרישן,,, ▯ פֿאַ, געטראַכט סיט עבֿרי־טײַטש.
אידיאָסינקראַIזיע, ־סיע — די, ־ס. < איי

> גר. אויך: אידיאָקראַזיע. 1.
באַזונדערקייט, אויסטערלישקייט אין געבוי, אין
פֿונקציאָנירן פֿון אַן אָרגאַן בײַ מענטשן אָדער
בעליחיים. 2. (מעדיצין) אינדיווידועלע (ניט ווי
בײַם רובֿ) היפּערסענסיטיווקייט צו אַ שפּײַז
אָדער צו אַ רפֿואה. א, בנוגע צו פּעניסילין.
,,ס'זײַנען בכלל פֿאַראַן מענטשן...וואָס
פֿאַרטראָגן ניט קיין אייער, אַזאַ ניט פֿאַרטראָגן
וועלכע ס'איז שפּײַז רופֿט מען אין דער
מעדיצין א',,, פֿגעז, ווילנע 10 1924' No.
3. עקסצענטרישקייט. שטריך אָדער אופֿן
רעאַגירן וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ
יחיד, אָדער איז אַנדערש ווי בײַם רובֿ און איז
דערפֿאַר אויסטערליש. ,,אַן א אַזאַ — ער קען
,
ניט פֿאַרטראָגן דעם ריח פֿון באַשטימטע
פֿאַרבן“. ,,דאָס איז אַמאָל אַ ווערטל, אַ וויץ, אַ
מנהג, אַן א', אַ גלאַנץ פֿון דעם אויג, אַן
אומבאַוואוסטע סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע,,, זשיט
II, נ,,י 1912. ,,אָט די פּערזענלעכע...א'ס קענען
מיר נישט אָננעמען פֿאַר אויסדרוקן פֿון...
אידעאָלאָגיעס — זיי זענען גיכער ירושות פֿון
דורות אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן,,, לעאָ קעניג,
היימיש. ־טיש — אַדי.

אידיאָפּאַטיע — די, ־ס. < איי < גר.
(מעדיצין) שוואַכקייט אָדער קראַנקייט וואָס קומט
ספּאָנטאַן, ניט ווי אַ פּועל־יוצא פֿון אַ (
צווייטער) מחלה. ־טיש — אַדי. ,,צי עס איז
פֿאַראַן, ווי אַנדערע מיינען אַזוי־גערופֿענע א'ע
אַספּערמיע, ד,,ה אַזאַ צושטאַנד, בײַ וועלכן עס
קענען פֿעלן די ספּערמאַטאָזאָאידן בײַם מאַן,
טראָצדעם וואָס ער איז אין יעדער באַציאונג
פֿון שטענדיק געזונט,,, פֿגעז, ווילנע 1930,
.No 1
אידיאָפּלאַזמע — די, ־ס. < איי < גר.
(ביִאָלאָגיע) דער טייל פֿון פּראָטאָפּלאַזמע־
קעמערל וואָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פֿון דעם
מין און וואָס איז דער פֿיזישער יסוד פֿאַר
ירושהשאַפֿט. "[דער אַלקאָהאָל] מאַכט ניט נאָר
אונדז פֿאַר דעגענעראַטן, נאָר דורך באַשעדיקן
און דעפֿאָרמירן די ירושהדיקע פּלאַזמע אָדער
א'...דעגענערירט ער אויך אונדזערע קינדער
און קינדס־קינדערס", פֿגעז, ווילנע 1938, No
6. מאַטיש — אַדי.
אידיהם — [אידיי'העם] בלויז אין אָט דער
פֿאָרעם. תּח. < עבֿודה זרה, ב/א. 'זייערע
(די גויאישע) חגאָות, [ערשטיקער באַטײַט:
אומגליקן]. ,,בפֿרט בעת אַ פּראַזדניק אָדער בימי

א, איז ממש געווען סכּנת־נפֿשות,,, י. טיגער,
דער צדיק און דער בעל־תּשובֿה.
אידייאיש — אדי. אויך: אידעאיש. 1. וואָס
האָט אַ שײַכות צו אַן אידייע (←.) אָדער צו
אידייען. וואָס איז דורכגענומען פֿון אַן אידייע,
געבויט אויף אַן אידייע. אַן א'ער יסוד. א'ע
איבערגרופּירונג. ,,דער גאַנצער ראָמאַן
געווינט פֿאַר אונדז אַ נײַעם אינטערעס, אַ
קינסטלערישן און אַן א'ן", קאָר 2 .II. גײַסטיק

1034

(ווי אַ היפּוך צו פּראַקטיש). אַן א'ע
באַציאונג צום לעבן. מענטשן א, נאָענטע. ־קייט.
אידייע, אידעע — די, ־ס (־ן). < איי <גר.
אויך: אידיי (ימ), ־ען. דאָס וואָס איז דאָ
אין דער מחשבֿה ווי אַ רעזולטאַט פֿון טראַכטן,
באַטראַכטן, אויפֿנעמען און באַנעמען. האָבן,
באַקומען אַן א'. אַן א, קומט אויף און
פֿאַרשווינדט. אויסדריקן אַן א'. קומען מיט
אינגאַנצן אַ נײַער א'. ריכטיקע פֿאַלשע א,
פֿאָ, .
רויסבאַשטימטע א,. אַן אײַנגערעדטע א'.
2. פֿאָרשטעלונג, פּלאַן אָדער בילד אין דער

מחשבֿה וואָס איז נאָך ניט אויסגעדריקט אין
אַ מאַטעריעלער פֿאָרעם. אַן א, וועגן אַ ווערק
וואָס מע דאַרף אים אָנשרײַבן. נײַע א'ס אין
אַרכיטעקטור. די א, פֿון אַ גליקלעכער
געזעלשאַפֿט. אַן א, וועגן אַ נײַער אונטערנעמונג.
פֿול ווי אַ מילגרוים מיט א'ען. זיך אַרומטראָגן
מיט פֿאַנטאַסטישע א'ען. „פֿיל בזיונות
איבערגעטראָגן פֿון זײַנע אייגענע ברידער פֿאַר זײַן
א'", ספּ, סודות. „אַן א'ען־רײַכע און
סתּירותפֿולע פּלאַטפֿאָרם", ימ, נײַע וועגן, ריגע 1927.
3. דזוו באַגריף. אָן שום א'. די לאָגישע א,
וואָס איז דער יסוד פֿון פֿאָרמולירן אַ
נאַטורגעזעץ. "אויסהאַקן די דערנער און זייען ריינע,
מענטשלעכע אידעען, ריין־מענטשלעכע געפֿילן
און וויסן", פּרץ, 'וואָס ווילן מיר'. „די
אידעע אַז עס זײַנען פֿאַראַן בעסערע פֿעלקער
און ערגערע פֿעלקער, איז אַ פֿילאָזאָפֿיע פֿון
שׂנאה, פֿון אוממענטשלעכקייט און
אוממאָראַלישקייט", א. מענעס, פֿאָר, 9 III 1963.
4. (פֿילאָסאָפֿיע, פּלאַטאָניזם) אייביקער,
אַבסטראַקטער און פּערפֿעקטער אורמוסטער, וואָס
אַלע קאָנקרעטע זאַכן און דערשײַנונגען זײַנען
ניט־פּערפֿעקטע קאָפּיעס פֿון דעם. שיינקייט ווי
די א, פֿון אַלע שיינע זאַכן. די היעראַרכיע פֿון

א'ס.

5. פֿטמ. גאָר אַ קליינער סכום. אַ ביסעלע. צושיטן אַן א, פֿעפֿער.

6. גרונטגעדאַנק פֿון אַ ליטעראַריש ווערק, קונסטווערק. אויך: די א, פֿון דער אויפֿפֿירונג.

7. לייטמאָטיוו אין אַ מוזיקאַליש ווערק.

8. דזוו פֿאָרשטעלונג. „דערציייל מיר מער וועגן דיַין כלה. גיב מיר אַן א, ווי זי זעט אויס“, רייד. „האָסט כאָטש אַ שטיקל א, וויפֿל דאָס קאָסט?„„ רייד. „כ'וועל אים אָננעמען, אויב ער האָט אַן א, ווי צו אַרבעטן אויף דער מאַשין„„ דייד.

אידייען־א י ב ע ר ק ע ר ע נ י ש. “די א'־א, ביַי אַנדערע שרייַבערס פֿאַר פּרצן איז געווען אַ קאָלעקטיווע“, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן

I. אידייען־אַ ס אָ צ י אַ צ י ע — (פּסיכאָלאָגיע) פֿאַרבינדונג צווישן געדאַנקען און פֿאָרשטעלונגען מחמת גליַיכציַיטיקייט, געוויסער ענלעכקייט

אָדער אומענלעכקייט, מחמת פֿריִערדיקע איבערלעבונגען אאַ סיבות. אידייען־ו ע ל ט — סכום טעאָריעס און איַינשטעלונגען, סכום גיַיסטיקע אינטערעסן. די א'־וו, פֿון אַ בית־מדרש־ייִד. אַ געליַיטערטע א'־וו, אין אַ סבֿיבֿה פֿון דחקות

און נויט. אידייען־ח בֿ ר — ווער עס האָט
די זעלבּיקע אידייען. די א׳־ח׳ים פֿון דער
זעלבּיקער פּאַרטיי. א׳ען־פֿ אַ ר בּ י נ ד ו נ ג. „

לאָאידך גיסא

גישע און היסטאָרישע א׳־פֿ׳ען“, זשיט. א׳
ענאָ ר ע ם. א׳ען־פּ ו ס ט. א׳ען־ר ײַ ך. א׳ען־ג אַ נ ג.
א׳ען־ל ו י ף. א׳ען־פֿ ל י. א׳ען־ש ט ר אָ ם.

אידייענלאָז(יק) — אַדי. [מיט ־יק נ□]. וואָס
איז אָן אידייען אָדער אָן אַן אידיי(ע). א׳ע
אונטערנעמונג. ־קייט.

אידיי־פֿי□ :I — די, ־ן □ אידייע־פֿיקס,
פּפֿ .
אידעע־פיקס. אויך: פּיקסע אידייע.
פֿאַרעקשנטער געדאַנק (ענין, פֿאָרשטעלונג) וואָס
לאָזט ניט אָפּ. איַינגעוואָרצלט איַינרעדעניש. עס
מאַטערט אים אַן א׳־פֿ׳. בּאַהערשט פֿון אַן
א׳־פֿ׳. עפּעס אַ מאַניע, אַן א,־פֿ׳. „עס איז
זייער בּאַקאַנט ווי דאָס גוטע ייִנגעלע... □אין
קליינמגננטשעל□] האָט געטײַטשט: ׳ויאמר — אַ
פֿוקס׳. איך האָבּ געלאַכט...וואָרעם איך האָבּ
געהאַט אַ פֿיקסע אידייע פֿון דעם ווי אין

העברעאישן שײַן קלינגט ותּאמר — אַ
פֿוקסיכע,,, קמ, No ,l866 18. ,,די נשמה איז
געוואָרן בײַ מיר אַ מין א'־פֿ,“, פּרץ, 'וואָס הייסט
נשמה,.
אידיליע — די, ־ס. < איי < ל, גר.
1. (קינסטלערישע) באַשרײַבונג פֿון אַ שטיל,
פּשוט, רואיק, צופֿרידן לעבן (נאָענט צו דער
נאַטור) — אין פּאָעזיע אָדער פּראָזע. ,,די
געשיכטע, די א'...אין שטילקייט, אין די דופֿטן
שטעקט איר כּוח, שוועבט אין לופֿטן,,, אַר,
אַ ליד וועגן רות'. 2. פּשוט (דאָרפֿיש) לעבן
,
מיט שלווה, מיט ליבשאַפֿט, אָן קאָנפֿליקטן און
קריגערײַען. 3. צווישנמענטשלעכע באַציאונג
אָדער געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג אָן שום קאָנ
פֿליקטן. אַן א, צווישן מאַן און ווײַב. ,,אַן א,
פֿון אַכציק ער און זיבעציק זי,,. ,,סוף־כּל־סוף
באַקומען מיר די געווינטשטע א, פֿון
ברידערלעכן לעבן צווישן ייִד און ניט־ייִד“, זשיט I, ,
נ“י 1917. ,,אַפֿילו דער גרילצנדיקסטער געבראַזג
פֿון גרויסשטאָט איז געווען א, אין יענע...יאָרן“,
יג, תּוך.
4. אויך אידי'ל. מוזיקאַלישע
קאָמפּאָזיציע מיט דאָרפֿישער שטימונג, אין אַ

פּיקטורעסקן דאָרפֿישן פֿאָלקסטימלעכן סטיל ־ליסט.

. ,

־ליש — אדי. אַן א, בליד. א, לעבן. א'ע
דערפֿלעך. „שלום אַש גיט אונדז דאָס א'ע
לעבן פֿון אַ שטעטל בײַ דער ווײַסל„. „מיר
האָבן יעמאָלט...אויך גערעדט וועגן שווערע
יאָרן. הײַנט ווייסן מיר, אַז דאָס זײַנען געווען
א'ע יאָרן פֿאַרבונדן מיט ליכטיקע האָפֿענונגען“,

,

מוו, ייִבל X□II, 1. ־לישקייט — „טיף
אינערלעך איז אין אים געווען אַ סתּירה. ער
[משה לייב האַלפּערן] האָט אין־דער־אמתן
געבענקט נאָך א'„, אפֿא, טמז, l4 II 1966.
אידך גיסא — [אידאָך גיסע] פֿראַזע. תּח.
< קידושין, לג/א; עירובֿין, טז/ב אאַ. אַן
אַנדער זײַט. 1. געוויינלעך מא, ג', בא, ג'.
די אַנדערע זײַט. געניצט מיטן ב: פֿון דער
צווייטער זײַט, פֿון אַן אַנדער קוקווינקל. “
געפּלפּולט זיך מיט א, ג, און דהײַנו, מיט
ווידעראַנאַנדן, פּשטלעך, דרש“, אָפּאַ, 'די הייל'.
„ער איז אַ ייִד אַ קבצן, א, ג, — אַ רײַכער
מאַן: ער האָט געראָטענע קינדער„, רייד. 2. זן.
די. דזוו פּלוניתטע, ווײַב. „וואָס מאַכט אײַער
א, ג', די פּלוניתטע וואָס מאַכט?“

אידך זיל גמור

אידך זיל גמור — [...... גמוי] זאַץ. תּח. < שבּת, לא/א. 'דאָס איבּעריקע — גיי לערן'. [דער צווייטער טייל פֿון הללס ענטפֿער דעם געצנדינער, וואָס האָט געוואָלט זיך מגייר זײַן, בתּנאַי דער תּנא זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תּורה על רגל אַחת, און הלל האָט געענטפֿערט מיטן באַרימטן: וואָס דיר איז ניט ליב, טו ניט צו דײַן חבֿר.] „נאָר וואָדע'ן? וא, ז, ג', דאַן וועסטו וויסן וואָס ייִדישקייט איז אַזוינס" פֿאָר, l8 X 1964.

אידלאָ יומאָ — אידלאָ קצירא — [אידלאָ יומאָ — א, קצירא] זאַץ. תּח. זן. < בּבֿא בּתרא, טז/ב. 'דער טאָג שטייט אויף — דער חולה שטייט אויף'. געניצט מיטן בּ: בּײַטאָג לאָזט אָפּ די קרענק. „זאָל נאָר די נאַכט אַריבּער, וועט אײַך ווערן בּעסער, ווײַל א, י, — א, ק'".

אידסעקציע — ← ייִדסעקציע.

אידעאָגראַ'ם — די, ־ען. < איי < גר.

1. בּילדל אָדער אָנדײַט אויף אַ בּילדל ווי אַן איינס אין פּיקטאָגראַפֿיע, בּילדערשריפֿט.

אַ קרוין ווי אַן א, פֿאַר: מלך, מלכות. 2.
גראַפֿישער סימבאָל וואָס פֿאַרבײַט אַן אויפֿגעשריבן
וואָרט, למשל: ← פֿאַרן וואָרט ז ע ן, 3 פֿאַרן
ד ר ײַ. ־יש — אַדי. כינעזישער שריפֿט איז
א'. אויך אידעאָגראַ'‎, א'יש.

-

אירעאָגראַסיע — די, ־ס. סיסטעם פֿון ניצן
אידעאָגראַפֿן אָדען אידעאָגראַמען. די אַלטע א,
-
פֿון די מצרים. ־פיסט — ווער עס ניצט
אידעאָגראַפֿן אויסצודריקן אידייען.
אידעאיש — ← אידייאיש.
אידעאַ'ל — אַדי. ← דוווו. וואָס איז פֿון אַן
אידעאַל, האָט אַ שײַכות צו אַן אידעאַל. וואָס
איז פּערפֿעקט, דערהויבן, פֿולקום, הערלעך.
אַן א'ער טיפּ. א'ע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג.
א'ער יושר. א'ער קלימאַט. א'ע באַדינגונגען.
א, לאַנד פֿאַר אימיגראַציע. „עס פֿאַרבינדט
זיי אַן א'ע פֿרײַנדשאַפֿט„, רייד. דאָס א'ע
ווי אַ היפּוך צום פֿאַראַנענעם. „אַ סך האַלטן
אַז דער וואָס איז אַליין אַ ראָמאַניסט איז נישט
אַלעמאָל אַן א'ער קריטיקער פֿון ראָמאַנען„,

שנ, קריטיק און קריטיקער. אויך: ־יש — א'ע אַטמאָספֿער. „דער אויבנדערמאָנטער אַפּאַראַט טריקנט די הענט א'“, טאַז, וואַרשע 1930, No 9־12. ־(יש)קייט.

אידעאַ'ל — דער, ־ן. < איי < ל. 1. דאָס וואָס עקסיסטירט בלויז אין דער מחשבֿה ווי אַ פּערפֿעקטער מוסטער (וואָס דאָס פֿאַראַנענע און דאָס ווערנדיקע קען זיך דערנענטערן צו אים, אָבער ניט פֿולקום דערגרייכן). א, פֿון גוטסקייט, פֿון שיינקייט. שטרעבן צום א'. „וואָס ווילט איר פֿון מיר? — איך זאָל אויפֿגעבן דעם גרעסטן א, פֿון דער וועלט?„, שע, אין שטורעס. 2. מאָראַליש־באַרעכטיקטער און שווער־דערגרייכלעכער פּערזענלעכער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער ציל. א, פֿון אַ יושרדיקער אָרדענונג. א, פֿון יחידישער שלימות. „נאָר א'ן גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו גלייבן און האָפֿן“, בעמ II. „אַן א, באַצירט דאָס לעבן. מיגלעך אַז א, באַרעכטיקט דאָס לעבן. נאָר ס'איז געוויס אַז דאָס

לעבן דאַרף באַרעכטיקן דעם א'", ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922. 3. דאָס וואָס מע האַלט
אַז עס איז זייער וויכטיק, טײַער, און מען
איז גרייט צו שטרעבן דערצו, קעמפֿן פֿאַר
דעם. „בײַ אים איז אַן א, רײַך צו ווערן„,
רייד. „א, אין לעבן איז בײַ אײַך צו האָבן
אונטער זיך אַ פֿאָלק, אַ קיניגרײַך", יהואָש,
'צפּורה'. „נעמט קאָסעס, ביקסן און גייט מיט
אונדז זיך שלאָגן פֿאַר אונדזערע א'ן„, ספּ,
יידישער קאָלאָניסט.
אידעאָלאָ'ג — דער, ־ן. (זן) וונ ־ין, ־ס.
שאַפֿער, באַגרינדער אָדער אויפֿקלערער פֿון אַן
אידעאָלאָגיע. „אחד־העם, דער א, פֿון גײַסטיקן
ציוניזם"; „שמעון דובנאָוו, דער א, פֿון
גלותנאַציאָנאַליזם„; „חיים זשיטלאָווסקי, דער א,
פֿון יידישיזם"; „בער באָראָכאָוו, דער א, פֿון
פּועלי־ציוניזם„, רייד. א, פֿון אַ ריכטונג. „האָבן
...בשום אופֿן קיין רעכט ניט צונויפֿצוּוואַרפֿן
אין איין טאָפּ דעם א, מיט דעם וויסנשאַפֿטלעכן
פֿאָרשער", זשיט X, נ„י 1919.
אידעאָלאָגיע — די, ־ס. < איי < גר.
1. סכום געדאַנקען אָדער אידייען.
געדאַנקענגאַנג, אויפֿגעשטעלט ווי אַ סיסטעם, צו

מאָטיווירן, באַגרינדן, באַרעכטיקן אַ שטרעבונג, אַ פּאָליטישן, אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן ציל, אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג. א, פון קיום־האומה. א, פון השׂכּלה. ציוניסטישע א', סאָציאַליסטישע א'. אַן אויסגעהאַלטענע א'. אַ מאָטיווירטע א'. אַ פאַלשע א'. „אָן א'ס, אָן קונצן האָבן זיי זיך געטובלט אין אַן אַטמאָספערע פון אַ גרויסן קיבוץ„, בעם 2 .III. געדאַנקען־גאַנג אָדער אופן דענקען וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ יחיד אָדער גרופּע (צו

באַרעכטיקן די מעשׂים, דעם שטייגער פון דעם יחיד אָדער גרופּע). בורזשואַזע, פּראָלעטאַרישע א'. א, פון קעמפערס פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג. א, פון מלחמה־העצרײַ. „אַ וויסטער עגאָאיסט מיט אַן א, צודערצו„, רייד. „זיי זײַנען געווען צו פיל פאַרנומען מיט...ברעכן אַן אַלטע א', וואָס האָט געציילט כמעט צוויי טויזנט יאָר„, א. טשעריקאָווער, ייִבל 2 ,I. ־גיש — אַדי. א'ע אונטערשיידן. א'ע דינקייטן. א'ער הסכּם.

אידעאַלאָלאָגיע — די, ־ס. נעאָל. לערע וועגן אידעאַלן און וועגן דעם וואָס איז

אידעאַל. „די מיטאָלאָגיע פֿון דער צוקונפֿט...איז אַן א"", אַבאָ גאָרדין, אידישע עטיק, נ"י 1937.

אידעאַליזאַציע — די, ־ס. פּראָצעס, אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אידעאַליזירן (←). א, פֿון א מענטשן פֿון אַ פּאַרטיי. א, פֿון דער היַינ— ,
טיקער אָרדענונג. א, פֿון אַמאָליקן שטייגער.
„די א, פֿון ר, שלמהס לעבן איז דאָ כמעט
ווי אַ באַוואוסטזיניקע,,, שנ, של□ם אַש.

אידעאַליזירט — אַדי, פּאַר ← דווו. א'ע פֿאָרשטעלונג. א'ע באַשרייַבונג. א'ער געליבטער.
־ערהייט — אַדוו. ־קייט.

אידעאַליזירן — טרוו. ־זיר, אידעאַליזירט.
1. צושרייַבן צו עפּעס אָדער עמעצן פּערפֿעקטע שטריכן. א, דאָס שטעטלשע לעבן. א, דעם העלד, דעם גרויסן צדיק אע. א, די דעמאָקראַטישע (טאָטאַליטאַרע אא) אָרדענונג.

אידעאַליסט

2. אָפּשאַצן בולט־סוביעקטיוו מיטן מגזם זיַין דאָס פּאָזיטיווע און פֿאַרקוקן דאָס נעגאַטיווע. א, די פֿירונגען אין אַ חסידישן הויף. א, די דערגרייכונגען פֿון אַ קינסטלער. „א, אָדער

מינימיזירן... איז ניט גאָר שווער, שווער איז טאַקע צו זײַן גערעכט", שנ, קריטיק און קריטיקער. 3. דערהייבן צו דער מדרגה פֿון אַן אידעאַל. א, די מידה פֿון רחמנות. א, עניוות, שטאָלץ אע.

־ונג. ־ער. ־זאַטאָר — "דאַרפֿן...דינען פֿאַר יעדן טעאָלאָגישן אָדער קינסטלערישן א, פֿון ישוס פֿיגור אַלס אַן ערנסטע וואָרנונג: ער זאָל אים ניט איבעראידעאַליזירן", גרינ, בלעטלעך פֿון אַ טאָגבוך.

אידעאַליזם — דער, ־ען. 1. (פֿילאָסאָפֿיע) יעדע סיסטעם אָדער דאָקטרין וואָס איר עיקרדיקער אויסטײַטשערישער פּרינציפּ איז דאָס אידייאישע אָדער דאָס אידעאַלע. א, הייבט אַרויס דעם מענטשנס גײַסט, דאָס איבערחושימדיקע, איבערקערפּערלעכע, דאָס נאָרמאַטיווע און דאָס ווערטנדיקע. [פֿאַראַן זייער אַ סך מינים א'ען: סוביעקטיווער, אָביעקטיווער; מאָניסטישער, פּלוראַליסטישער; רייִנער, רעאַליסטישער; טראַנסצענדענטאַלער, קריטישער אאַ.] ווי היפּוך צו א, — מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם.

2. (קונסט, ליטעראַטור) יעדע טעאָריע אָדער פּראַקטיק וואָס הייבט אַרויס דאָס אידעאַלע, וואָס האָט אַ נטיה צו אידעאַליזירן, וואָס שטיצט

זיך דערעיקר אויף דעם וואָס איז סובּיעקטיוו, וואָס זוכט דאָס ווערטיקע און גלאָריפֿיצירט עס. היפּוך צו א, — ר ע אַ ל י ז ם.

3. (דער גלויבּן אין כּוח פֿון אידייען און אידעאַלן מיט אַן) איבּערגעגעבּנקייט צו אַן אידעאַל אָדער אידייע וואָס ווערט אַ רעגולירנדיקער יסוד פֿאַרן לעבּן. שיטה און לעבּנספֿיר זיך ניט צו יאָגן נאָך מאַטעריעלע אָדער פּערזענלעכע דערגרייכונגען, נאָר צו ווערטן, בּאַזירט אויף עטיק. היפּוך צו א, — ע ג אָא י ז ם. דער א, פֿון רעפֿאָרמאַטאָרן, פֿון רעוואָלוציאָנערן. א, פֿון תּורה לשמה. א, פֿון יִדישע לערערס, אַמאָליקע דאָקטוירים אאַזוו. „ החלוץ איז פֿריִער פֿון אַלץ א', ניט אַבּסטראַקטער קאָפּ־א', נײַערט ראָמאַנטישער, האַרציקער א, וואָס רופֿט צו קרבּנות“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.

אידעאַליטעט — די, ־ן. 1. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אידעאַל. 2. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון דעם וואָס עקסיסטירט בּלויז אין דער אידייע (ניט אין דער רעאַליטעט). 3. פֿעאיקייט צו האָבּן, צו שטרעבּן צו אַן אידעאַל.

אידעאַליסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

1. אָנהענגער פֿון אַ שיטה פֿון אידעאַליזם אין פֿילאָסאָפֿיע, אין עטיק, אין עסטעטיק, אין קונסט, ליטעראַטור־קריטיק אע. 2. ווער עס שטרעבט צו אַן אידעאַל, צו אַ דערהויבענעם ציל, און וואָס זײַן לעבן ווערט באַווירקט פֿון זײַן שטרעבונג. „מיר האָבן געלעבט אין זכות פֿון למד־וואָווניקעס און איצט לעבן מיר אין זכות פֿון ריינע אי'ן"„ רייד. „יענער האָט אינגאַנצן ניט אויסגעקוקט אויף קיינע גליקן,

אידעס

נאָר אַלס א, די זאַך זאָל יוצא לאור זײַן",
צבֿי ניסן גאָלאָמב, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ־יש — אַדי. „מע קען אויסטײַטשן...
...די געשיכטע אויף אַלערליי אופֿנים: א', מאַטעריאַליסטיש...„„ קאָר II. א'ער בליק. א'ע מאָטיוון. ־ישקייט.
אידעם — ל. דאָס זעלביקע (וואָס פֿריִער דערמאָנט). געניצט ווי אַן אָנווײַז אַז אַ ציטאַט איז גענומען פֿון דעם זעלביקן מקור ווי אַ פֿריִערדיקער.
אידענטיטע'ט — די, ־ן. < איי < פֿר < ל.
1. דיזעלביקייט. 2. גלײַכקייט פֿון די

הויפּטסימנים. 3. (יוסטיץ) סכום סימנים צו באַווײַזן אַז אַ פּערזאָן איז טאַקע די זעלביקע וואָס מע זוכט, מע באַשולדיקט, אָדער אַז געוויסע זאַכן זײַנען טאַקע די זעלביקע וואָס האָבן אַ שײַכות צום ענין. די א, פֿון די געגנבֿעטע זאַכן. א, פֿון רעוואָלווער וואָס דער מערדער האָט גענוצט. א, פֿון אַנטלאָפֿענעם אַרעסטאַנט. 4. (פּסיכאָלאָגיע) דיזעלביקייט, איינסקייט, כסדרדיקייט פֿון (אין) דער פּערזענלעכקייט, פֿון אינדיווּיד (ניט געקוקט אויף פּסיכאָלאָגישע אָדער פֿיזיאָלאָגישע שינויִים). פֿאַרגעסן די אייגענע

א'. געזעץ פֿון א, — ▯< איז שטענדיק ▯>. פֿילאָסאָפֿיע פֿון א, — שיטה אַז גײַסט און מאַטעריע, סוביעקט און אָביעקט זײַנען אין תּוך היינו־הך, ווײַל אַלץ איז בלויז אַן אַספּעקט פֿון דעם אַבסאָלוט.

אידענטיפֿיצירן — טרוו. ־ציר, אידענטיפֿי▯ צירט. 1. דערקענען, אײַנזען (און מעלדן) אַז דאָס וואָס מע האָט געהאַלטן פֿאַר צוויי באַזונדערע פּערזאָנען, זאַכן, געשעענישן, דערשײַנונגען, זײַנען באמת איינס און דאָס זעלביקע. א, אַז שואל איז שאול, אַז סענדער איז אַלכּסנדר. 2. אַרויסשטעלן עס זאָל זײַן דאָס זעלביקע אָדער כמעט דאָס זעלביקע. א, די

אינטערעסן פֿון קהל מיט די אינטערעסן פֿון אַלע בעלי־בתּים. „אַחוץ יענעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער וועלכער האָט אידענטיפֿיצירט ארץ־ישׂראל און דת ישׂראל„, ש. ראַווידאָוויטש, ייִבֿל XXI, 2.

3. דערקענען, פֿעסטשטעלן לויט געוויסע סימנים (און אָנווײַזן). א, דעם באַשולדיקטן מיט דעם מענטשן וואָס מע האָט געזען אַרויסלויפֿן פֿון הויז. א, די געגנבֿעטע זאַכן. א, די עכטקייט פֿון אַ דאָקומענט.

4. (באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, מינעראַלאָגיע אאַ) אויסגעפֿינען, באַשטימען די גרופּע, די פֿאַמיליע, דעם מין אע פֿון אַן אינזעקט, אַ גראָז אאַ. די פּינקטלעכע פּראָצעדור צו א'. ־ונג.

מיט ז י ך — 1. (אינגאַנצן) אָננעמען אידייען, געפֿילן, אײַנשטעלונגען פֿון אַן אַנדער פּערזאָן אָדער פֿון אַ גרופּע. א, זיך מ י ט ן פֿירער. א, זיך מ י ט אַ פּאַרטיי. א, זיך מיט ייִדן. „טענדענץ פֿון די מיטגלידער צו א, זיו מיט דעם קיבוץ ווי אַ גאַנצקייט“, ש. קענינ, ייִבֿל 2 ,)(XI. “ער האָט זיך ניט אינגאַנצן אידענטיפֿיצירט מיט די ,יונגע', אויך ניט מיט דער גרופּע אינזיכיסטן“, יג, תּוך.

2. האַלטן אַז אין תּוך איז מען פֿוו דעם זעלביקן שניט אָדער זייער ענלעך צו אַ צווייטן

אָדער צו אַ געשטאַלט פֿון אַ קונסטווערק. א,

1()36

זיך מיטן העלד פֿון ראָמאַן. ,,זי האָט באַשלאָסן
זיו צו א, מיט דזשיאָקאָנדאַ,,, רייד.
-

אידענטי יציר־סימן, ־צייכן.
אידענטיפֿיצירט — א'ע זאַכן,
דאָקומענטן, פּערזאָנען. ־קייט.
אידענטיפֿיקאַציע — די, ־ס. 1. אַקט,
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אידענטיפֿיצירן
(זיך). ,,אַ געבילדעטער ייִד האָט זיך טאַקע
באַנוצט מיט אַזאַ וואָרט ווי א', אָבער ניט ווען
ער האָט געוואָלט כאַראַקטעריזירן זײַן ייִדישע
פּערזענלעכקייט“, לל, קוד, דעצ, 1963. 2.
דאָקומענט, סימן, זאַך, וואָס קען דינען צו
באַשטעטיקן עפּעס, צו ווײַזן ווער מען איז, וואָס
עס איז פֿאַרפּאַקט אע. א, פֿאַר דער פּאָליציי.
,,דער מגן־דוד אויפֿן האַלדז איז אַן א, אַז
מען איז אַ ייִד,,. א'־ק אַ ר ט ל — וואו מע
גיט געוויינלעך אָן נאָמען, פֿאַמיליע־נאָמען,
עלטער, וואוינאָרט אע. א'־בּ ל ע כ ל —
געוויינלעך פֿאַר די וואָס דינען אין מיליטער, אין

פּאָליציי.

אידענטיש — אַדי. ענלעך אין אַלע פּרטים. וואָס איז אַקוראַט דאָס זעלבע, ניט־פֿאַרשיידן. א'ע סיטואַציע. א'ע פּראָפּאָזיציע (למשל, אַ שלאָפֿמיטל שלעפֿערט אײַן). א'ע שיכטן. “ווי איינערליי עס זאָלן ניט זײַן די פּראָצעסן וועלכע מיר רופֿן אָן לעבן און טויט (און זיי קאָנען ווערן א, ווען מיר פֿירן זיי...צוריק צו איין און דער זעלבער אַרט פֿון באַוועגונג),,, זשיט II□, נ“י 1917. ,,'זײַן גערעכט, איז אין קונסט־פֿראַגעס נישט אַלעמאָל א, מיט זײַן אָביעקטיוו“, שנ, קריטיק און קריטיקער. א'ער צ ו ו יל י נ ג — פֿון דעם זעלביקן אייעלע אָדער אָוואום. ־קייט.

אידעס — די, במ. אין אַנטיקן רוימישן קאַלענדאַר — דער 15ער טאָג אין חודש פֿון די חדשים מאַרץ, מײַ, יולי, אָקטאָבער, און דער 13ער אין אַלע איבעריקע חדשים. [צעזאַרן האָט מען דערהרגעט אין די א, פֿוו מאַרץ. דערפֿון: די א, פֿון מאַרץ אַן

אָנ□ --

איד ע□ — ל. דאָס איז, דאָס הייסט. געניצט צוהער ניש אויפֿן גורל פֿון אַ דיקטאַטאָר.]

אויך אין ייִדישע טעקסטן מיט דער קירצונג
.ﬠ e.

.

איד ﬠ ﬠ

'ל — אַדי. 1. דזוו אידעאַל, אַדי. נר.

איד — די, ־ס. ← אידייע.

2. וואָס איז פֿון, האָט אַ שײַכות צו דער
ריינער אידעע (און ניט צו איר פֿאַרקערפּערונג).
די א'ע וועלט און די וועלט פֿון זאַכן. ־קייט.

אידער — פּראַ. אַרכ. Mhd: ie(ler ﬠ i(1er.

דזוו יעדער. אויך: אידערט. אָפּט: איין
אידער [= אַיעדע ﬠ]. אָן אַ סוב —
אידערער. „וואש פֿאַר בּיז [= בּיי ﬠ] אין אידרן
לאַנד טוט גישעהן,„ אַשכּנז. מ ﬠ פֿאַרטײַטשט
'כּל העושׂה...„ (שמות, לא, 14): “אידרר“. „זאָל
אידרט וואַנדרשׂ מאַן זײַן גיווארנט...„„ צוכט.
„איזט איין אידיר הער אונ, מײַנשׂטיר אים
גיוועלב...לאָט [= לאָזט] איין אידרין שאַלטין
אונ, וואַלטין“, גה, 218. „זאָל אַלישׂ פֿאַר קאַפּיט
ווערין דאז איין אידריר זײַן מעות קריגט“,
גה, 111. „היר מיט איין אידר רעכט יודישליך

קען לעבין“, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723,

שעראי־הי־הי

בלאַט. „(טובֿ) גאָט איז גוט צו אידר אין דר וועלט„, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק„ח.
אידערמאַן — פּראָ. יעדערער; יעדער מאַן.
„גוט יתבֿ, אישׂט וואָרהאַפֿטיק אונ, טוט נימנט אונרעכט. / דשׂ קאַן וואַל דר קענן מנחם אָלדנדורף זײַן קנעכט. / דאַרום זול אידרמן הינטר זיך אונ, בֿור [= פֿאָר] זיך גידנקן...
יום בּ, ד, אָבֿ רס„ד„. „אונ, דא אידרמן זײַן האַרניש אויז גיטון הט“, בּבֿא־בּוך, 610. „אונ, אידרמן בֿורכט זיך„, 'כּ„י דע ראָסי, איין מעשׂה בֿון שלמה המלך', בּרעשיע 1510 [וואַכשטיין־בּוך, ווילנע 1939]. „עשׂ איז אויך און מיגליך דשׂ מיר דאשׂ טײַטש פֿאָר איין אידר מן טײַטליך גינוג קענין בּישרײַבּין„, שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תּע„א, הקדמה. „מן היבּט דיא ספֿר תּורה אויף אונ, ווײַזט אידרמן דשׂ כּתבֿ אונ, דשׂ קהל זאָגט וזאת התּורה“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ה/ב.
אידראָ — מצ: ־רות. אויך: אדראָ. אַרמיש. אַן אָפּגעגרענעצט, אַ פֿאַרמאַכט אָרט. אויך קרײַז,

חבֿרותא וואָס קומט זיך צונויף אין אַ
פֿאַרבאָרגן אָרט. געניצט בלויז בשײַכות מיט ר,
שמעון בן יוחאי, וואָס מע שרײַבט אים צו די
מחברשאַפֿט פֿון זוהר. „רבי שמעון בן יוחאי
האָט זיך אויסדערוויילט אַ הייליק אָרט דאָס
ער זאָל לערנען מיט זײַנע תּלמידים, און עס
האָט געהייסן א'„ קה, ווילנע תּרל״ה. „איך
פֿאַרוואונדער מיך וואָס אליהו איז ניטאָ אין
אונדזער א'״, דאָרטן. „ר, שמעון בר יוחאי
און זײַן חבֿריא האָבן אין די אידרות פֿון
זוהר, אויפֿגעדעקט אַ קליינע שפּאַרונקע פֿון
די עולמות עליונים„ ייִט, טאָג, 1959 III 14.
אידראָ זוטא — ← אדראָ זוטאָ.
אידרא קדישא — ← אידראָ. הייליקער
צונויפֿקום. „[רבי שמעון בן יוחאי] הייבט
אויף זײַנע הענט...און זאָגט: די זעלבע חבֿריא
וואָס זײַנען געווען מיט מיר אין יענער א, ק,
— די אַלע זאָלן זײַן דאָ״, נוצ2, קלה/א.
אירדא רבא — ← אדרא רבא.
אי״ה, איה״ש — ר„ת פֿון: אם ירצה השם,
אם יעזור השם, אם יגזור השם.
אַיה אלוהי המשפט — זאָץ. תּח. < מלאכי,
ב, 17. 'וואו איז דער גאָט פֿון גערעכטיקייט?,
תּי פֿאַרוואָס באַגליקט דער זינדיקער און נישט

— ,, .
דער ערלעכער? ס'טײַטש — א, א, ה'?,,, טמז,
.II 19□5□ 4

איהומען — גנ. אויעזד־שטאָט פֿון מינסקער
גובּ,. 632 — 1797 ייִדן; 1805 — 999 ייִדן.
1897 — 2,817 ייִדן. פֿאַר דער ערשטער
וועלטמלחמה געווען פֿיר רעגירונג־שולן, צוויי פֿאַר
ייִנגלעך און צוויי פֿאַר מיידלעך. געבּוירנשטאָט
פֿון ה. לייוויק.

איהומען — דער, ־ס. < סל > גר. פּפֿ:
איגומען. הויפּט פֿון אַ מענער־מאָנאַסטיר.
־שע — פֿירערין פֿון אַ פֿרויען־מאָנאַסטיר.
,,אַוודאי איז נעבּעך דער חזן...אַרומגעלאָפֿן,
געזוכט זכות־אָבֿות צום אַרכימאַנדריט, צו דער
א'שע פֿון מאָנאַסטיר“, שע, פֿונעם יאַריד II.

אי־הי־הי — דער. מצ נבּ. □ □ <.1. קלאַנג
וואָס גיט איבּער דאָס הירזשען פֿון פֿערו.

אי־הכי

דאָס פֿערד האָט אַרויסגעלאָזן אַ פֿריילעכן א'.
2. שוטה. ,,וואו איז אַהינגעקומען מײַן א'?“, רייד.
3. פֿערדנפֿלייש, פֿערדנוואורשט (ווילנער געטאָ,
פֿון לעצטן חורבּן, No 6).

אי־הכי — [... האָכ] פֿראַזע. תּח. < בּרכות ב/א אאַ. 'אויבֿ אַזוי',. געניצט צוזאַמען מיטן פֿאַרטײַטשן: א'־ה'‚ אויבֿ ס'איז יאָ (טאַקע) אַזוי... [בײַם לערנען, בײַם אַרײַנפֿיר צו אַ קשיא, אַן אָפּפֿרעג, אַ סבֿרה. אַרויסגעבראַכט מיטן ספּעציעלן גמרא־ניגון.] „א'־ה, איז אַזוי ווי איך זאָג, נאָך דיר איז אַ קשיא, אָבער בּײַ מיר איז ריכטיק“, סשי, II. „א'־ה', אויבֿ יאָ אַזוי, בּיסטו דאָך ערשט רעכט דער בּעל־עוולה“.

„א'־ה', אויבֿ ס איז בּײַ אײַך ניט אָנגעלייגט, צוּוואָס זשע רײַס איך זיך דעם פּעלץ?“, רייד.

איובֿ — [אי'יעוו]. 1. ספֿר אין כּתובים. צוזאַמען מיט תּהלים און משלי געהערט צו די דרײַ ספֿרים וואָס ווערן בּאַצייכנט מיטן ראָשי־תּיבֿות: א, מ, ת,. ספֿר א, בּאַשטייט פֿון 42 קאַפּיטלעך, וואָס מע קען זיי אײַנטיילן אין פֿינף אָפּטיילן: א) פּראָלאָג (א־ב), וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון אַ פֿאָלקס־מעשׂה [וועגן דעם רײַכן און גליקלעכן איובֿ, וואָס דער שׂטן פּועלט בּײַ גאָט אים אויסצופּרוּוון מיט יסורים — זײַן פֿאַרמעגן ווערט חרובֿ, זײַנע קינדער קומען אום, דערנאָך ווערט ער געפּײַניקט פֿון אַ שרעקלעכער קראַנקייט]; בּ) דראַמאַטישע פּאָעמע, בּאַשטייט פֿון דיאַלאָגן

צווישן איובֿן און זײַנע דרײַ פֿרײַנד וואָס קומען אים טרייסטן (ג — לא), און דאָך טענהן זיי אַלע דרײַ אַז איובֿס שטראָף איז ניט אומזיסט, ער האָט געזינדיקט און דאַרף תּשובֿה טאָן. איובֿ נעמט עס ניט אָן. ער לײַדט אויך פֿון דעם וואָס קיינער גלייבט ניט אַז ער ווערט אומשולדיק באַשטראָפֿט; ג) המשך פֿון דער פּאָעמע אין פֿאָרעם פֿון אַ לאַנגן מאָנאָלאָג פֿון דעם ייִנגערן אליהוא וואָס האַלט אַז קיין מענטש קען ניט זײַן גערעכט לגבי גאָט (לבֿ — לז); ד) עפּילאָג פֿון דער פּאָעמע, גאָטס רייד צו איובֿן וועגן די וואונדער פֿון דער וועלט, וועגן אַלע סודות פֿון דער נאַטור, וואָס דער מענטש קען ניט משׂיג זײַן, און איובֿס גאָר קורצער ענטפֿער אַז ער פֿאַרשטייט ניט גאָטס מעשׂים, אָבער איצט, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט גאָטס רייד און זײַן אויג האָט אים „געזען„ — זאָגט ער זיך אָפּ פֿון אַלע זײַנע טענות (לח — מב, 1 6); ה) אַ צוריקקער צו פּראָזע פֿון פֿאָלקס־מעשׂה מיט אַ גליקלעכן סוף: איובֿ ווערט באַלוינט פֿאַר זײַנע לײַדן, ווערט געזונט, ווערט נאָך רײַכער, האָט נאָו מער זין, לעבט לאַנגע יאָרן.

דער ספֿר געשאַפֿן מסתּמא אין 5. אָדער 4.

י,,ה פֿאַר אָצ. אIויפֿן סמך פֿון אַלטע לעגענדעס.
2. העלד פֿון ספֿר איובֿ. מוסטער פֿון
גאָטספֿאָרכטיקייט און מאָראַלישן אויפֿפֿיר. געשטאַלט
פֿון שטאָלץ און מענטשלעכער חשיבֿות אַפֿילו
בײַ די ערגסטע צרות פֿאַרקערפּערונג פֿון
מאָ.
ראַלישער געוויסנדיקייט מיט פּראָטעסט קעגן
אַלע שלעכטסן און עוולות אין דער וועלט,
ספּעציעל קעגן די פּײַנען וואָס מענטשן
פֿאַרשאַפֿן מיט זייער אומיושר. טיף־גלייבּיקער

מאָ37()1

ראַליסט וואָס זוכט אומזיסט אַן ענטפֿער
פֿאַר,
וואָס עס לײַדן אומשולדיקע.
ס'בלײַבּט ניט קלאָר איובֿס אָפּשטאַם, זײַן
לאַנד, זײַן צײַט. דעריבער פֿאַרשיידענע סבֿרות
און אַרײַנטײַטשונגען אין תּלמוד און אין דער
נאָכתּלמודישער ליטעראַטור, אַפֿילו בּיז צו דער
מיינונג אַז ,איובֿ לא היה ולא נבֿרא..., (←.).
פֿרום, גאָטספֿאָרכטיק, געדולדיק ווי א'. לײַדט
ווי א'. רעדט ווי א'. אַ בעל־יסורים ווי א'.
,,זיצט ער אַ פֿאַרצאָגטער אין די לעצטע שײַנען,

קוקט ווי א'“, אַל II. „א, טענהט מיט אַ שאַרפֿן יאָמערדיקן קול וואָס בּרעכט זיך פֿון רגע צו רגע איבּער“; „אָ א', גוטער פֿרײַנד — אָ זאָל דײַן ווייטיק ניט טונקל מאַכן דײַן פֿאַרשטאַנד“; „א, אָבּער שילט ניט מער“, הל, אין די טעג פֿון איובֿ.

א'־בּ שׂ ו ר ה — שרעקלעכע, שוידערלעכע ידיעה, בּשׂורה. אָנזאָג וועגן אַ מאוּימדיקן אומגליק. [אויפֿן סמך פֿון די בּשׂורות וואָס די שליחים האָבּן איבּערגעגעבּן איובֿן וועגן די אומגליקן וואָס האָבּן אים געטראָפֿן ▯] אַן א'־בּ, וועגן נײַע שחיטות אויף ייִדן. די א'־בּשׂורות וועגן די געטאָס און אויסראָט־לאַגערן. „ס'האָט זיך פֿונאַנדערגעטראָגן אַ שרעקלעכע א'־בּ, איבּערן געטאָ“, אַנטקי. „די א'־בּ, וועגן דעם חורבּן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל“, זשיט IX, נ"י 1919. „זײַנען געקומען א'־בּשׂורות [וועגן]...פֿאַרשיקן צענדליקער טויזנטער פּוילישע ייִדן, מלחמה־פּליטים“, מ. עלבּוים, פּאָר, 1957 ▯י 19.

א'ס ג ע ד ו ל ד — איבּערמענטשלעכע געדולדיקייט אויך אין דעם בּיטערסטן מצבֿ. [א, האָט געהאַט דעם כּוח און דעם מוט צו פֿירן אַ לאַנגן וויכּוח מיט זײַנע פֿרײַנד, ניט

געקוקט אויף זײַנע לײַדן.]
א'ס ח בֿ ר י ם ← ווײַטער, א'ס פֿרײַנד. א'ס
ט ע כ ט ע ר — זייערע שיינע פֿרויען. אויפֿן
סמך פֿון: „און אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך
ניט געפֿונען אַזעלכע שיינע פֿרויען ווי א'ס
טעכטער„, תּי, איובֿ, מב, 15. [בּבֿא בּתרא,
טז/ב — א'ס טעכטער וואָס זײַנען אים
געבאָרן געוואָרן נאָכן נסיון זײַנען געווען אַ
סך שענער ווי די טעכטער וואָס זײַנען
אומגעקומען.] א'ס ט ע נ ו ת — גערעכטע טענות
וועגן יסורים און אומיושר. טענות צו גאָט.
א'־ט ר אָ פּ — סיסטעם פֿון טראָפּ מיטן
ספּעציעלן אינטאָנירן בײַם לייענען פֿון ספֿר איובֿ
(אַזוי אויך בײַ די איבעריקע צוויי ספֿרים פֿון
א, מ, ת, — תּהלים, משלי).
א'־ט ר ע ר ן — טרערן, אַרויסגערופֿן בײַם
הערן אָדער לייענען די איובֿ־געשיכטע. „רבּי
עקיבֿא האָט געדרשנט וועגן מבּול און דער
עולם האָט ניט געוויינט; האָט ער זיי דערמאָנט
די מעשׂה א', האָבן אַלע זיך שטאַרק צעוויינט“,
בּראשית רבּה, לג, 5. אַן אָבֿל מעג לייענען דעם
ספֿר א'. אין חודש אלול בײַם גיין אויף
קבֿראָבֿות און בײַ לוויות לייענט מען קאַפּיטלעך א'.
א'ס י ס ו ר י ם. א'ס ל ײַ ד ן. א'־נ י ג ו ן

— 1. דזוו א׳־טראָפּ. 2. סתּם טרויעריקער ניגון. א׳ס נ ס י ו נ ו ת — גרויסע צרות וואָס ווערן פֿאַרשטאַנען ווי אַן אויספּרוּוואונג פֿון הימל.

איודאַן

א, פּ אָ ט ש ט, פּ אָ ס ט — דזוו א׳־בשׂורה.
„דיזע טרויעריקע נאַכריכט וואָס קען מיט רעכט
אָנגערופֿן ווערן אַן א׳ס פּאָטשט„, אמד.
א׳ס פֿ ר ײַ נ ד — 1. פֿרײַנד וואָס באַנעמען
ניט אַ שווערן מצבֿ פֿון אַ חבֿר;
אומאויפֿריכטיקע, צבֿיעותדיקע פֿרײַנד. „איר רעדט צו מיר
ווי א׳ס פֿרײַנד„, רייד. 2. זייער גוטע פֿרײַנד,
איבערגעגעבענע [לויט דער אגדתּא זײַנען זיי
געקומען פֿון דער ווײַט, אַ מהלך פֿון 300
מײַל; זיי האָבן תּמיד זיך געזאָרגט יעדער
איינער וועגן די אַנדערע. „זיי האָבן אויפֿגעהויבן
זייער קול און האָבן געוויינט...צעריסן [זייערע]
מאַנטל[ען] און געוואָרפֿן שטויב איבער זייערע
קעפּ...און זיי זײַנען געזעסן מיט אים אויף
דער ערד זיבן טעג און זיבן נעכט“, תּ׳,
איובֿ, ב, 12־13].

א'ס צ ר ו ת — זייער אַ סך און שרעקלעכע.
א'ס ק ל ל ו ת — 1. דאָס פֿאַרשילטן דעם טאָג פֿון געבוירן ווערן (איובֿ, ג, 3־10). 2. קללות, עס זאָלן קומען אומגליקן, קראַנקייטן. „ פֿאַטעטישע געשרייען, א'־ק'“, שנ, לעזעך, דיכט□ר, קריטיקער II.

איובֿדיק — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו איובֿן אָדער צום ספֿר איובֿ. א'ע באַשרײַבונג פֿון לויתן, 'בהמות, אע. „ווי אומגעלומפּערט ס'איז צו רעדן וועגן אָט דעם א'ן מענטש“, צײַט, טמז, 26 XI 1965. ־יקייט.
איובֿ(י)ש — אַדי. וואָס איז אַזוי ווי בײַ (איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) איובֿן. א'ע צרות. „ער האָט זײַן אומגליק איבערגעטראָגן מיט אַ מערקווירדיקער א'ער רואיקייט„, פּ. לערנער, אַ בעסאַראַביש שטעטל. „מײַן ברודער ישׂראל שטערן, מײַן ברודער פֿון איובֿשע לידער, איין טאַטן מיר טוען געהערן, איין טאַטן — דעם אייביקן ייִדן„, הל, אין טרעבלינקע.... ־קייט.
איובֿ לא היה ולא נבֿרא — [... האָיאָ... ניוורעאָ] זאַץ. תּח. < בבֿא בתרא, טו/א. איובֿ

איז ניט געווען און איז ניט באַשאַפֿן (
געבוירן) געוואָרן [סוף פֿון מאמר: אלא משל היה].
פֿאָרמולירונג פֿון געדאַנק אַז דאָס גאַנצע ווערק
איז נאָר אַ פֿאַבל, אַ משל פֿאַר מאָראַלישער
און רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישער פֿאַרטיפֿונג. „ווערט
שוין דער עולם מסופק, צי עס איז פֿאַראַנען
אַ מאָראַליטעט; קאָן שוין זײַן אַז א, לא ה,
ולא נ”, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

-

איובֿס צוואָה — נאָמען פֿון אַן
אַפּאָקריטישער שריפֿט אויף גריכיש מיט אַן
איבערדערציילונג וועגן איובֿס לעבן, זײַן צדקות און
זײַנע לײַדן, דורכגעשפּונען מיט מאָטיוון פֿון
מדרש. צום סוף איובֿס אַן אָנזאָג זײַנע קינדער
און דער גאַנצער משפּחה מע זאָל זײַן
גאָטספֿאָרכטיק, גיין בדרך הישר און — ניט חתונה
האָבן מיט פֿרויען פֿון פֿרעמדע פֿעלקער.
איוואַ'ן — דער, ־עס. 1. פֿאַרשפּרייטער
מענער־נאָמען בײַ סלאַוון (□וסן, אוקראַאינער,
ווײַסרוסן). א, איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. „.—־. רופֿט
מען אים מענדל — מעג מען עסן פֿון זײַן
פֿענדל, רופֿט מען אים א, — מעג מען אַ

קוש טאָן זײַן טאָכטער. — עס איז דאָך
נישט גלײַך! — אָבֿער דערפֿאַר איז דאָס גוט„.
פֿוול. 2. צונאָמען פֿאַר אַ רוס, אוקראַאינער,

איוואַנג(אָ)ראָד

ווײַסרוס (געווײנלעך פֿאַר אַ פּויער). פֿירן מסחר
מיט אַן א'. האָבֿן פּרנסה פֿון די א'עס.
דאָרפֿישע א'עס. אַז א, צעלאָזט זיך! = ווען אַ
רוס ווערט שיכּור אָדער אויפֿגעהעצט. 3.
פּראָסטאַק, המון־מענטש. „גאָט זאָל אָפּהיטן אַז א,
זאָל ווערן אַ פּאַן„, שוו. 4. שטאַרקער,
אומגעבֿילדעטער, נאַטור־מענטש; שווערער
אַרבֿעטער. „אַרבֿעט פֿאַר דרײַ — אַן אמתער א'„.
5. עם־הארץ, שוטה, גראָבֿיאַן. אַן א, — קען
ניט קיין שײַטל עבֿרי. א, פּערעפּערדענקאָ. „א,
פּאָפּערילאָ...קיין אַנדער נאָמען האָבֿ איך ניט
געהאַט...אפֿשר דערפֿאַר וואָס כ'האָבֿ ניט
געוואָלט לערנען", שע, 'קדלת וקדשת'. 6. גוי;
ייִד וואָס פֿירט זיך ווי אַ גוי. „וואָס ס'איז
פֿאַר א'ען כּשר, איז פֿאַר מיר טרייף", רייד.
„ווי א, — ניט סע דאַוונט, ניט סע נעמט אין
מויל אַ ייִדיש וואָרט", רייד. 7. אַכזר.
בּרוטאַלער מענטש. „פֿון א'ס העגט קען מען ניט

אַרויס מיט גאַנצע ביינער,,, רייד. ,,עס האָט
זיך געפֿונען נאָך אַן א'...און האָט
אונטערגעהעטשעט דאָס פֿאָלק און קלעפּ זענען געפֿאַלן
ווי האָגל,,, חאַשקע די ווילנערקע [ו פֿאָל, 1887,
No 34]. 8. אַנטלאָפֿענער קאַטאָרזשניק. קל.
9. נאָמען פֿון יאָרמאַרק, דעם 24טן יוני (
גאַליציש־פּאָדאָליע). יאַן, יאַנע. חתן־כלה־זעעכצער
אויפֿן א'. הייסט אויך: איוואָנע. אויך
פֿולער נאָמען: א, קופּאַלע, ווײַל טאָג פֿון
הייליקן יוחנן המטביל. צפֿ: א'ושקע —
נאַרעלע, תּם. ,,וואָס ווילסטו פֿון אים, דעם
א'?,,, רייד. א'ס קאַשע — ,,מע מישט אויס,
העלפֿט אויף העלפֿט קאַשע מיט צעריבענע
קאַרטאָפֿל, מע גיט צו...גענדזן־שמאַלץ און
געקאָכטן, צעהאַקטן...לעבער..און מע לאָזט עס
צוברוינען אין אַ הייסן אויוון“, ב שאַפּ־אַן,
ייִדישע קוך, וואַרשע 1930.

א וואַנג(אָ)ראָד — גנ. אויך: דעמבלין ←.
צונעמענישן: א'ער אַרעסטאַנטן, משומדים,
שלעגערס.

איוואַניסק — גנ. שטעטל אין אַפּטער קרײַז,
קעלצער וואָיע'. 1856 — 594 ייִדן; 1897 —
2,000 ייִדן. 1931 — 1,518 ייִדן.

איוואַניע — די. מצ נבֿ. זאַמלנאָמען פֿאַר איוואַנעס (←. איוואַן). געניצט לגנאי. „דער פֿאַן און פֿאַראָבֿעק . נעבֿונטעוועט האָט זיך אַנטקעגן דער א'„, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטובֿ אין שטעטל.

איוואַנקאָוו — גנ. שטעטל אין קיִעווער גובֿ„, אויפֿן טײַך טעטערעוו. 1847 — 642 ייִדן; 1897 — 1,577 ייִדן.

איוואַנקע — [ווייכע נ] גנ. 1. שטעטל אין אומאַנער קרײַז, קיִעווער גובֿ'. 704 — 1897 ייִדן. 2. שטעטל אין פּרילוקער קרײַז, פּאָלטאַווער גובֿ„.

איוודע וואָך — אַדוו פֿראַזע. < אויף די (דע). פֿטמ, פּד. אויך מג. אויף דער וואָך; די אַנדערע, די קומענדיקע וואָך. במשך פֿון דער קומענדיקער וואָך. „מערצעשעם, א, וו, וועל איך קריקקומען„, רייד. „דעם זונטיק ערשט איז ער געפֿאָרן קיין בעלזיצי. וואָרן איבֿדיאוואָך קומען זיך אַהין צום הויף אַלע אַרענדאַרעס“,

יפּ. „הײַנט ניט — מירטשעם א, וו,“, בֿ.

האַגער, מלכות חסידות. „דאָ דאַרף זײַן די חופּה פֿון מײַן שוועסטער א, וו',„ מאַנ, וואָלקנס איבּערן דאַך. זן א, הודש — „אויבּ איר קענט אַהער צו אונדז נישט קומען, זאָלט איר איבּדי חודש קומען קיין זאַלין,„ יפּ [אין מגלה טמירין: 'בּחודש הבּא']. א'ס יאָר — בּמשך פֿון דעם קומענדיקן יאָר; איבּעראַיאָ'ר (←.), אויפֿסיאָ'ר (←). „א'ס יאָר וועט מען אויפֿבּויען דאָס נײַע הויז“, רייד.

איוווטו'ך — אוקר. זידלוואָרט פֿאַר אַן אומבּאַהאָלפֿענעם פֿאַר עמעצן וואָס האָט ניט ״יין

,

אייגענע מיינונג. שטאַמט פֿון דעם נאָמען: יעווטוך בּײַ אוקראַאינער פויערים. „א, א״ינער, גיבּ לשון, זאָג יאָ צי ניין“, רייד.

איוויע — גנ. שטעטל אין ווילנער גובּ', אָשמענער אויעזד; אונטער פוילן אין וואָלאָזשינער קרײַז, נאָווואָגרודקער וואָיע'. 1847 — 804 ייִדן; 1897 — 573 ייִדן. 2,076 — 1921 ייִדן (צווישן 2,731 אײַנוו'). נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ קינדער־אינטערנאַט פֿון , יעקאָפּאָ, און וועלטלעכע קינדערשול. צונעמעניש: א'ער בּײַטש־שטעקלעך [דאָס שטעטל האָט אויסגעאַרבּעט געפֿלאָכטענע קערבּ און בּײַטש־

שטעקלעך].

איוניק — דער, ־עס. אויך: היוניק.

□[□□[□i]□: □□ <. קנויל צואה, אָפּטער.
פֿערד.
מיסט. „דער הויף איז געווען פֿול מיט
שפּענער, קופּקעס שטרוי און א'עס„, רייד. „ער
איז בּרוגז, אָנגעלאָדן? — גיבֿ אים אַן א'„,
רייד. ‟אין דער פּאַלובּנע — נאַוואָז פֿון
הינדעק־זאָמען, קעטשקע־פּוטער, א'עס, צעקראָכענע
פּאַטלאַזשאַנעס...פּאָמיִעס, דוניע־שאָלעכץ‟, ייִל,
מײַן ספֿר הזכרונות, אַדעס 1883.

איווע — די, ־ס. אוקר. a□[□Iנ: □□. דזוו ווערבֿע.
אויך: א'־בּוים.

איוועלע

— דאָס, ־ך. □[ו□o□[□Iו: □.

זינג— □ <.
קאַרשנפֿויג
פֿויגל מיט גאָלדיק־געלע
פֿעדערן. לעבֿט אין
בּלעטערוועלדער פֿון
אייראָפּע, אַזיע און
צפֿונאַפֿריקע. אין ווינטער
אויפֿן אינדזל

מאַדאַגאַסקאַר. בויט אַ
הענגענדיקע נעסט. דאָס זינגען
דערמאָנט אין קלאַנגען
פֿון אַ פֿלייט און אין צושטאַנד פֿון אויפֿרעגונג
דאָס מיאַוקען פֿון אַ קאַץ. דערנערט זיך מיט
ווערעם, אינזעקטן און פּירות. ()riOןus Oriolus
. oriolus ga1bu]
איוועני(ע)ץ — גנ. שטעטל אין מינסקער
קרײַז. נאָך ערשטער וועלט־מלחמה — פּוילן,
נאָוואָגרודקער וואָיע,. 1897 — 1,343 ייִדן,
945 — l931 ייִדן.
אַיו'טש — אינטעריעקציע. ווערט געניצט בײַם
אַוועקטרײַבן אַ חזיר, אויך אַ הונט. פּעיאָ ווען
געניצט בנוגע אַ מעגטש.
אָיומדיק — אַדי. מאוּימדיק. פֿאָרכטיק,
גרויליק, שרעקלעך. ,,רשי האָט זיך אָפּגערופֿן אויף

איז

דער אָ'ער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע פֿון די
קרייצצוגן מיט האַרציקע סליחות און קינות,,,
 ינ II.
אָיום ונוראָ — [אָ־יוים וויינויראָ] פֿראַזע.
> חבֿקוק, א, 7. 'פֿאָרכטיק און שרעקלעך'.

1. שוידערלעך און גרויליק. „דאָס וואָס עס
איז געשען אין די אויסראָט־לאַגערן איז אָ, ו'„,
רייד. 2. אומדערהערט, אומגלייבלעך,
אומדערלאָזלעך. „אַז אַזעלכער זאָל זײַן אַ ת„,
תּמלמד איז אָ, ו'„, בּוקי בּן יגלי, ייִפֿאָל, 1887,
No 32. 3. די ערשטע ווערטער פֿון אַ יוצר
אַחרון־של־פּסח צו שחרית: „אָ, ו, — מי לא
ייִראך?“ לויטן סדר פֿון א„ח־בּ„ש. צום סוף
אַן אַקראָסטיך מיטן נאָמען פֿון מחבּר חננאל
קלונימוס (10. י„ה).
4. בּאַצייכענונג פֿאַר גאָט, אויפֿן סמך פֿון בּ3.
אַיו'קש — אינטעריעקציע. ווערט געניצט בּײַם
אַוועקטרײַבּן אַ חזיר, אַ הונט אאַ בּעלי־חיים.
פּעיאָ ווען געניצט בּנוגע אַ מענטש. „אַ', שקצים,
טראָגט זיך אָפּ פֿונדאַנעט“, רייד.
איז — דריטע פּערזאָן, אצ, איצ פֿון הילפֿסווערבּ
זײַן. 1. ווערט געניצט ווי די געוויינלעכע
פֿאַרבּינדונג צווישן סובּיעקט און פּרעדיקאַט
וואָס איז נ י ט אויסגעדריקט דורך אַ ווערבּ.
צוויי מאָל צוויי א, פֿיר. „לאַכן א, געזונט„;
„אַ וואַרשעווער א, קלוג נאָר בּיז צו די
ראָגאַטקעס“; „חזר איבּער א, טריפֿה„, שוו [ווש:
חזרן & חזי]. „די צונג א, אַ ליגנער, די
פּען א, אַ ליגנער„; „פּסח־לעבּן א, אַ שווערער,

אָבער אַ רייִנער יום־טובֿ“; „דאָס וואָרט א,
אַ פֿײַל, די פּען א אַ שווערד„„ שוו. 2. אויפֿן
,
סמך פֿון בֿ1 אויך אין אַזעלכע אויסדרוקן:
„וויפֿל א, דער שיעור?„ — „וויפֿל א, דער
זייגער? — עס א, האַלבֿ זעקס“. „אַזוי א,
עס שוין“; „אָט א, עס„ אדגל.
3. קומט אין סוף פֿון אַן ענגער
ווערטערגרופּע וואָס דריקט אויס אומבאַשטימטקייט,
אומבֿאַטײַטיקייט. ווער עס א'; וואָס עס א,;
וואָס ניט א'; וועלכער עס א'. ווען עס א';
ווען ניט א'. [פֿרגל: ווער א, עס, וואָס א,
עס אע.]
4. ווײַזט אויף אַ תּנאַי אָדער אַן אויספֿיר.
מיט אַן אָנדײַט אויף: בכן, אויף אַזאַ אופֿן,
זאָל, זאָל זײַן. „אויבֿ ניט הײַנט — א, מאָרגן,
אויבֿ ניט מאָרגן — א, איבֿעראַיאָר“, פֿוול.
„יחיאל ווערט אויך אײַנגעשלאָפֿן, אויבֿ נישט
אויף דער מאַמעס שויס — א, אָבֿער אויף
גאָטס שויס„„ אַש, תּהילים־ייִד. „אין שטאָט...
זײַנען לײַט פֿאַראַן מיט אַלמערס חקירה־ספֿרים
און גוט האַרץ צו אָרעם־בּחורים — איז
אײַנגעפּאַקט דאָס העמד און תּפֿילין־זעקל און
געגאַנגען“, מבֿא, דער גייער.

5. קומט אין אָנהייבֿ פֿון אַ זאַץ וואָס האָט אַ שײַכות צו אַ צווייטנס פֿריִערדיקע רייד. ,,א, וואָס האָבֿ איך אַזוינס געזאָגט?'' ,,א, ווי פֿילט איר זיך?,, ,,א, אָפּגערעדט?,, ,,א, וואו הייבט מען אָן?,, ,,א, ניט געפֿידלט''. ,,א, אַהער אָדער אַהין''. ,,א, ווי איר ווילט''. ,,א, ניט געטאַנצט מיטן בער,,, פֿוול. אויך בײַם דערציילן וואָס איז אַ המשך פֿון דעם וואָס מע האָט פֿריִער שוין געזאָגט. ,,א, וואו האַלטן

איזמיר?'', רייד. ,,רײַסט ניט איבער...א, די מעשׂה אַזאַ...'', רייד. ,,א, ער אַוועק צום מלכות'';
,,א, לויפֿט אָן אַ וואָלף און פֿאַרצוקט דאָס ציגעלע'', פֿמ.

6. קומט אין מיטן פֿון אַ זאַץ ווי אַן איבעררײַס, אַ קאָניונקציע, ענלעך צום בֿ4 אָבער אָן אַ ספּעצ בֿ, ווי אַ מיטל אַרויסצוהייבןביידע טיילן פֿון זאַץ אָדער ביידע זאַצן. ,,ווער עס קומט דער ערשטער — איז מעג ער נעמען'', רייד. ,,ווער אַן אומגעניטער — איז לאָז אַהערקומען,,, מס, משלי תּקע,,ד, ט, 4. ''מיט פֿרישערע[ ] לופֿט, מיט מוזיק און מיט טענץ —

איז קאָן מען זיי מאַכן געזינטער“, זשיט [בײַם איבערזעצן הײַנען]. „דעריבער, איז ניט נאָר וואָס איך זע ניט אײַן קיין אומגליק אין דעם, נאָר פֿאַרקערט...„„ ייִשפּ 1 ,▯ I־2.

7. ווערט געניצט אַנשטאָס זײַנען (זענען), אויב דער סוביעקט אין מצ קומט שפּעטער. „אַזוי ווי זיי האָבן ניט געוואָלט זיך צוהערן, איז איבעריק דײַנע עצות“, רייד. „אַז זיי זענען שוין געקומען אין די געבערג אַרײַן, איז דאָרטן געווען אַזוינע קעלטן...“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח, באַרדיטשעוו 1817. „דאָס איז גאָר אַנדערע ווערטער„; „ס'איז ניט אַזוי אָנגעלייגט די עפּעלעך ווי ס'איז גלאַט פֿריילעך„, שע.

8. ווערט געניצט ווי אַ קאָניונקציע (אָן אַ ספּעצ ב) בולטער און גרינגער צו מאַכן די פֿאַרבינדונג צווישן בײַזאַץ און הויפּטזאַץ. „אויב דאָס פֿאָלק רעדט אַזוי — איז מעג מען,', זשיט. „אויב עס איז אַזוי — איז דעמאָלט ווערן אַ סך אַנדערע פֿראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם רוים אָוועקגעשטעלט אין אַ גאַנץ אַנדער באַלויכטונג„, זשיט XII, וואַרשע 1931. „אַ תּלמיד־חכם, אַז די חבֿרים זײַנען געקומען צו אים — איז דאָס ווײַב זײַנס טראָגט זיי

אונטער גלעזער טיי און באַדינט זיי“, ממוס, שלמה. [אַזוי ווי איז קומט נאָרמאַל אין אָנהייב פֿון הויפּטזאַץ וואָס גייט נאָך אַ בײַזאַץ (למשל: וואו עס איז פֿאַראַן פֿיל קעכינס(,) איז דאָס עסן רוי“, שוו), קומט ער אויך אַרײַן דעמאָלט, ווען עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער ווערב. אין אַזעלכע פֿאַלן קען איז באַטראַכט ווערן ווי אַ מין פֿיקטיווער פּרעדיקאַט, אַ צוגאָב צום אמתן פּרעדיקאַט, מיט דער כּוונה צו ניצן דעם געוויינלעכן ווערטער־סדר.] “דאָס וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דעם בוך — איז אָדער ער האָט פֿאַרגעסן, אָדער ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען...,,, ייִשפּ 2▯I▯, 1.

פֿון א י ז איז געוואָרן אַ מין פֿיקטיווער אינפֿ איזן פֿאַר דער טאַווטאָלאָגישער קאָנסטרוקציע לויטן משקל: זאָגן זאָגט ער, עסן עסטו, זינגען זינגט זי אאַזוו. „איזן איז ער דאָ טאַקע געווען, אָבער ער איז שוין אַוועק,,, רייד. „איזן ערגעץ אין שטאָט איז ער, אָבער איך ווייס ניט וואו אים צו זוכן“, רייד. „איזן איז ער דער אייגענער וואָס געווען, נאָר ער גייט אַנדערש אָנגעטאָן,,, שע, מאָטל. „איזן איז דאָס דערפֿאַר...“, י. דאָבּרושין, ד. בערנעלסאָן. „ער איז נישט אַבי ווער, איזן איז

ער עפּעס אַנדערש“, בּ. ריווקין, ח. לייוויק.
,,און איזן איז ער ניט אַבּי ווער, נאָר דער

1()39

הויפּט־מאַכער אין דער...צענזור“, גרינ,
בּלעטלעך פֿון אַ טאָגבּוך. ,,איזן איז עס געשען“,
בּראָד פֿאָרשטעלונגען.

,

איז־ — אין ווערטער פֿון סל לשונות, 3, e , □ <.
← איזבּאָי, איזבּאָקו, איזבּראָד, איזגאָדע אאַ.
איזאַ — די. גנ. טײַך אין מאַרמאָרעש. אַ
צאָל ייִדישע קהילות בײַ די בּרעגן פֿון א'.
בּאַקאַנט אויף דער גאַנצער א'. ,,ער, דער
בּאַוואוסטער מכניס־אורח אויף דער גאַנצער
א',,, ח. י. פּערל, פֿאַרלאָשענע ליכט□ אין
מאַרמאָרעש, תּ,,א תּשי,,ח.
איזאָ־ — פּרעפֿיקס אין אינטערנאַציאָנאַליזמען.
< איי < גר. בּ: גלײַך צו, גלײַך ווי, פֿון
זעלבּיקן מין, סאָרט, קוואַליטעט. העלפֿט שאַפֿן
אַ גרויסע צאָל טעכנישע און

לוטינ□־ציע

.--▯

וויסנשאַפֿטלעכע

טערמינען. דוגמאות: איזאָאַג

אַגלוטינאַציע (←) פֿון בלוט מיט אַ סערום וואָס

מע באַקומט פֿון דעם זעלביקן מין בעלי־חיים.

איזאָאַגלוטינ▯ש — א'ע אייגנשאַפֿטן.

איזאָאַגלוטינין — אַגלוטינין (←) פֿאַר די

קעמערלעך פֿון אַן אַנדער אינדיוויד פֿון דעם

זעלביקן מין. איזאָצענטריש — גלײַכצענטריש.

איזאָ־קעגנקערפּער.

איזאָבאַ'ר — דער, ־ן. < איי < גר. 1. (

מעטעאָראָלאָגיע) ליניע וואָס מערקט אָן אַלע

ערטער אויף דער ערד מיט דעם זעלביקן

באַראָמעטרישן דרוק (אויף דער ים־פֿלאַך) אין דער

זעלביקער צײַט אָדער ווי אַ דורכשניט פֿאַר

אַ געוויסן צײַטאָפּשניט. 2. (כעמיע) איינער

פֿון צוויי אַטאָמען אָדער עלעמענטן מיט דער

זעלביקער אַטאָמישער וואָג, אָבער מיט

אַנדערע אַטאָמישע נומערן. ־יש — אַדי. א'ע

ליניעס אויף אַ וועטער־מאַפּע.

איזאַבעלאַ — פֿרויען־נאָמען. >איזבל. „די

סצענע [ווי טאָרקוועמאַדאָ לויפֿט אַרײַן מיטן

צלם אין האַנט און שרײַט קעגן נאָכגעבן די

ייִדישע בקשות] האָט געמאַכט אַ

צעטרייסלענדיקן אײַנדרוק, בפֿרט אויף דער קיניגין א',,,
זק, איבֿז שד □.

איזאָבֿרעIטאַטיעל — [ווייכע □] דער, ־עס.
רוסיצ. אויסגעפֿינער. ווער עס האָט עפּעס
אויסגעטראַכט פֿאַר דער טעכניק אַזוינס וואָס איז
פֿריִער ניט געווען. אַ קאָפּ פֿון אַן א'. ווערבֿ:
־טאַיען. ־טעניע — אויסגעפֿין.

איזאָגאַמ□יע — די, ־ס. < איי < גר.
(בּיִאָלאָגיע) צונויפֿפּאָרונג. באַפֿרוכפּערונג
צווישן צוויי פּראָטאָפּלאַזמישע שטאָפֿן וואו מע קען
ניט געפֿינען קיין קלאָרע אונטערשיידן צווישן
אַן ער־ און אַ זי־עלעמענט ־יש — אַדי.

.

איזאָגאַסע'ט — דער, ־ן. געשלעכט־
קעמערל אָן ער־זי־דיפֿערענצירונג.

איזאָגאָ'ן — דער, ־ען. < איי < גר. (
געאָמעטריע) פֿיגור מיט אַ סך גלײַכע ווינקלען און
זײַטן. ־אַ'ל — אַדי. ־יש — אַדי. א'ע
ל י נ י ע — פֿאַראייניקט אַלע ערטער אויף דער
ערד וואָס האָט דעם זעלביקן ווינקל צווישן
דער מאַגנעטישער נאָדל און מערידיאַן.

איזאָגלאָ'ס — דער, ־ן. < איי < ל, גר.
(לינגוויסטיק). (צעשייד־)ליניע צווישן ערטער מיט

איזאָטערם

אַ באַשטימטער כאַראַקטעריסטישער שפּראַכיקער איינגשאַפֿט אין אַרויסרייד, אין מאָרפֿעמען, אין סינטאַקס, אין וואָקאַבולאַר. א'ן אויף אַ לינגוויסטישער מאַפּע. ריכטיק דורכגעפֿירטע א'ן. א, צווישן קלייד־ און קלײד־שטח. „ניט מען האָט זיך געפֿלײסט צו באַשטימען אַ גאַנג א'ן פֿאַר אָט דער לינגוויסטישער פֿאָרמאַציע, ניט מען האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ גלידערונג אין אונטערדיאַלעקטן„, מוו, ייִשפּ 2 ,XIII־3.

אי'זאָגעאָטע'רם — דער, ־ען. < איי < גר. (געאָלאָגיע) אימאַזשינערע ליניע א ו נ ט ע ר דער אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד וואָס פֿאַראייניקט אַלע פּונקטן מיט דער זעלביקער דורכשניטלעכער טעמפּעראַטור. פֿרגל איזאָטערם. ־יש — אַדי.

איזאָגעניש — אַדי. < איי < גר. וואָס האָט דעם זעלביקן אָפּשטאַם. ־ניע — טייל פֿון ביִאָלאָגיע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט איזאָגענישע דערשײַנונגען.

איזאָ גראַ'ם — די, ־ען. ליניע וואָס פֿאַרבינדט אַלע פּונקטן פֿון דעם זעלביקן

וועטערפֿענאָמען (טעמפּעראַטור, לופֿטדרוק, רעגנפֿאַל
אע). ־ — איזאָגראַם פֿון גלײַכן
רעגנפֿאַל. — איזאָגראַם פֿון גלײַכן דויער
פֿון זונשײַן. ־טע'ר — איזאָגראַם פֿון גלײַכער
דורכשניטלעכער זומער־טעמפּעראַטור. ־כיים,
־כּיס — מיט גלײַכער דורכשניטלעכער
ווינטער־טעמפּעראַטור.
איזאָד אַמעטריש — אַדי. וואָס האָט גלײַכע
,

דיאַמעטערס.
איזאָטאָניש — אַדי. < איי < גר. 1. וואָס
האָט די זעלביקע אָדער ענלעכע (מוזיקאַלישע)
טענער. 2. (פֿיזישע כעמיע) וואָס האָט דעם
זעלביקן, גלײַכן אָסמאָטישן דרוק. 3. (פֿיזיאָ...
לאָגיע) וואָס האָט דעם געהעריקן פּראָצענט
זאַלצן אין בלוט (כּדי די רויטע בלוט־
קײַקעלעך זאָלן ריכטיק פֿונקציאָנירן).
איזאָטאָ'פּ — דער, ־ן. < איי < גר. (
כעמיע) איינע פֿון צוויי אָדער מער פֿאָרמען פֿון
זעלביקן עלעמענט, מיטן זעלביקן אַטאָמישן
נומער, נאָר אַנדערשדיק דורך ראַדיאָאַקטיווע
טראַנספֿאָרמאַציעס און אין אַטאָמישער וואָג.
אַן א, פֿון אוראַניום. „זינט דעמאָלט רופֿט מען

מיטן נאָמען א, די פֿאָרעם פֿון עלעמענטן,
וועלכע מ'קען אַדאַנק ספּעציעלע פֿיזישע
אומוואַנדלונגען דערפֿירן צו אַ צושטאַנד פֿון
אויסטיילן ראַדיאָאַקטיווע שטראַלן“, דר, ג. באַרסקי,
פֿגעז, פּאַריז 1950, No 11־12. ־יש — אַדי.
איזאָטאָפּיע.

איזאָטעןרם — דער, ־ען. ליניע וואָס
פֿאַראייניקט אַלע ערטער א ו י ף דער ערד וואָס
האָבן אין דער זעלביקער צײַט די זעלביקע
טעמפּעראַטור אָדער די זעלביקע דורכשניטלעכע
טעמפּעראַטור אין אַ באַשטימטער צײַט פֿון
יאָר. פֿרגל: איזאָגעאָטערם. ־טערמיע. ־יש
— אַדי. א'ע ל י נ י ע אָדער ק ר ו מ ע —
ליניע וואָס ווײַזט די שינויים אין פֿאַרנעם
אָדער אין דרוק בײַ דער זעלביקער
טעמפּעראַטור.

איזאָטראָפּיש

איזאָטראָפּ יש — אַדי. (פֿיזיק) וואָס האָט
די זעלביקע אייגנשאַפֿטן אין אַלע ריכטונגען.
־יע.

איזאָכאָ'ר — דער, ־ן. < איי < גר. (פֿיזיק,
טערמאָדינאַמיק) ליניע וואָס ווײַזט די

וואַריאַציעס אין דרוק, ווען די טעמפּעראַטור בײַט זיך,
אָבער די מאַסע בלײַבט די זעלביקע ־יש
.

— אַדי.
איזאָכראָמאַטיש — אַדי. (אָפּטיק) וואָס
האָט דעם זעלביקן קאָליר. א'ע צוו אַקסישע
יי
קרישטאָלן.
איזאָכראָמיע — די, ־ס. פֿאַך, מלאָכה פֿון
פֿארביקן גראַווירן פֿאַרביקע ליטאָגראַפֿיע.
-
.
־מיש — אַדי.
איזאָכראָ'ן, ־י'זם — דער, ־ען. < איי
< גר. גלײַכדויערקייט פֿון צוויי אָדער מער
געשעענישן אָדער דערשײַנונגען. ־ניש —
אדי. ־ניזירן — טרוו. פֿאַרגלײַכצײַטיקן.
מאַכן, אָנשטעלן אַ מעכאַניזם, די באַוועגונג זאָל
ווערן אַ גלײַכדויערדיקע אָדער זאָל
צונויפֿפֿאַלן אין צײַט מיט צווייטער באַוועגונג. א,
(צוויי) מאַשינען. א, אַלע זייגערס אויף דער
וואַנט.
איזאָלאַטאָר — דער, ־ס. < איי < איט [< ל
insula, אינדזל]. דאָס וואָס זונדערט אָפּ. מיטל

אָפּצוזונדערן. ספּעצ: 1. מאַטעריאַל (גלאָז, פּאָרצעלײַ, גומי אאַ) וואָס זונדערט אָפּ, טײלט אָפּ עלעקטרישע דורכפֿירערס. א, פֿאַר עלעקטרישע דראָטן. אַ קאַבל, אַרומגעוויקלט מיט אַן א'.
2. קאַמער אין אַ שפּיטאָל פֿאַר קלעפּיקע קראַנקקייטן. אַריבערפֿירן דעם טיפֿוס־קראַנקן אין א'. ,,די פֿיר נײַ־אָנגעקומענע [קינדער] האָט מען געבראַכט פֿון אַן א',,, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, 1932. 3. תּפֿיסה־קעמערל נאָר פֿאַר איין אַרעסטירטן. (אָפֿט אויך ווי אַ ספּעציעלע שטראָף). איזאָל(י)אַטקע. 4. (כעמיע) מיטל, פּרעפּאַראַט וואָס העלפֿט קריגן אין אַ רײנער פֿאָרעם אַ געוויסע סובסטאַנץ. ־יוס — אין דער צײַט פֿון נאַצישער הערשאַפֿט: 1. איזאָלאַטאָר פֿאַר בעטלערס אין וואַרשעווער געטאָ. געשאַפֿן אין אַפּריל 1941. 2. צײַטווײַליקער אויפֿהאַלט אָרט פֿאַר אַרויסגעטריבענע פֿון -
קלײנע שטעטלעך אין שטח פֿון אַ גרעסער געטאָ.

איזאָלאַציאָניזם — דער, ־ען. אײַנשטעל אין דער דרויסנדיקער פּאָליטיק פֿון אַ מדינה צו בלײַבן איזאָלירט, זיך ניט מישן אין קאָנפֿליקטן וואָס קומען אויף מחוץ אירע גרענעצן,

זיך ניט באַטייליקן אין אַליאַנסן, אין
בשותּפֿישע פֿאַרטיידיקונגס אָפּמאַכן. א, אין די

פֿאַראייניקטע שטאַטן אין די יאָרן צווישן ביידע
וועלט־מלחמות. ־ניסט — קאַמף פֿון א'ן
קעגן ווילסאָנען. ־ניסטיש — אַדי. א'ע
פּאָליטיק. אויך: וואָס זונדערט זיך אָפּ בכלל.
,,איז לייוויק געוואָרן צו א, אויס מורא פֿאַר
צו פֿיל כּללישקייט‘‘, יג, תּוך I.
איזאָלאַציע — די, ־ס. אַקט, פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון זײַן איזאָלירט.
אָפּגעזונדערטקייט, אַליינקייט, אָפּגעשיידטקייט. ,,ביי אַ
שלעכט
אַדורכגעפֿירטער אינסטאַלאַציע קען לײַכט ווערן

1()40

אַ שׂריפֿה, ווען די דראָטן וואַרעמען זיך צו
פֿיל אָן אָדער ווען די א, אויף די דראָטן רײַסט
זיך איבער אין אַ געוויסן פּונקט‘‘, פֿגעז,
ווילנע 3 1935, No. ,,אַ סופֿיט מיט געשטעלן פֿון
אײַזן־בעטאָן...באַזאָרגט מיט טערמישער א,
קעגן היץ, און א, קעגן פֿײַכטקייט,,, 'פּראָספּעקט

פֿון דירות אין יזרעאליה', אויג, 1964. א'־
אָפּטײלונג. א'־הויז. א'־צימער. א'־
צענטער.

איזאָל(י)אַטקע — די, ־ס. < סל < ל.
1. איינצל־קאַמער, אַ קאַמער אין תּפֿיסה מיט
די שווערסטע תּנאָים, אַפֿילו אויך נאָר צו
שטיין אויף אַ צעמענט־פּאָדלאָגע, אין
פֿולקומער איזאָלאַציע. 2. קאַמער אין שפּיטאָל פֿאַר
אָנשטעקיקע קראַנקייטן. לייגן דעם טיפֿוס־
קראַנקן אין א'.

איזאָליניע — די, ־ס. װבֿ, מינסק 1940.
יעדער מין ליניע וואָס פֿאַראייניקט גלײַכע,
ענלעכע פּונקטן. זען למשל: איזאָבאַר,
איזאָגאָנישע ליניע, איזאָגראַם אאַ.

איזאָליסי'ן — דער, ־ען. פּפֿ: ־ליצין. (
מעדיצין) גיפֿטיקע סובסטאַנץ אין די בלוטגעפֿעסן
וואָס צעשעדיקט די רויטע בלוט־קײַקעלעך (איז
אָנשטעקיק בלויז אויפֿן בלוט פֿון דעם
זעלביקן מין בעל־חי).

איזאָלירט — אַדי, פּאַר איזאָלירן ←.
אָפּגעזונדערט. אָפּגעשיידט, אָפּגעטײלט. א'ער
קראַנקער. א'ע דראָטן. זײַן א, אין דער געזעלשאַפֿט,
אין פּאָליטיק. א'ער אַרעסטאַנט. „א, אין זײַן
עלפֿנבײן־טורעם“, רייד. „דערפֿאַר וואָס מיר

האָבן געלעבט א, צווישן די אַנדערע פֿעלקער,
וו אַ שטאַט אין אַ שטאַט,,, זשיט IX, נ,,י 1919.
י

־ערהייט — אדוו. ״די אויפֿגאַבע לאָזט זיך
ניט שטעלן א'״, מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט. ־קייט.
איזאָלירלעך — אדי. נעאָל. וואָס מע קען
איזאָלירן. א'ע באַשטאַנדטיילן פֿון אַ
פֿאַרבינדונג. א'ער טייל פֿון וואָרט. ,,די נאַציאָנאַלע
עלעמענטן זײַנען ניט קיין א'ע עלעמענטן״,
מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־קייט.
איזאָלירןl — טרוו. ־ליר, איזאָלירט. < איי
< פֿר. 1. אָפּזונדערן פֿון דעם אַרום.
אָפּטיילן איין זאַך פֿון אַ צווייטער, אָפּשיידן,
פֿונאַנדערטיילן. א'ן די נאַרקאָטיקערס כדי זיי
אויסצוהיילן. א'ן אַ פֿאַרזינדיקטן, ניט האָבן
קיין מגע־ומשׂא מיט אים. ,,...ניט אײַנפֿאַלן צו
א'ן די ליטעראַטור פֿונעם אַרומיקן לעבן״,
שנ, קריטיק און קריטיקער. 2. מיט די בב,
אויסגערעכנט בײַ איזאָלאַטאָר (←). א'ן צוויי
עלעקטרישע דראָטן איינעם פֿון אַנדערן. א'ן
אַ קראַנקן. א'ן דעם באַשטראָפֿטן אַרעסטאַנט.
א'ן אַ כעמישן עלעמענט. מיט ז י ך — א'ן
זיך פֿון דער געזעלשאַפֿט און זיך פֿאַרשליסן

אין די אייגענע דלד אַמות. „,דער
אַרבעטערקלאַס קאָן זיך בכלל נישט פֿאַרגינען...צו א'ן
זיך קולטורעל פֿון דער אַרומיקער וועלט“,
שנ, קריטיק און קריטיקער. ־ונג. א'־אַ פּ
אַר אַ ט. א'־פּ ו נ ק ט.
איזאָלעקסיש — אַדי. גלײַווערטערדיק. א'ע
ל י נ י ע — פֿאַראייניקט געגנטן מיט גלײַכע

איזאָעלעקטריש

אויסדרוקן און שיידט אָפּ פֿון אַנדערע
ריידגעגנטן. פֿרגל איזאָגלאָס.
איזאָמאַגנעטיש — אַדי. וואָס האָט (ווײַזט
אויף) גלײַכקייט אין מאַגנעטישער קראַפֿט.
איזאָמאָ'רף — דער, ־ן. < איי < גר.
1. עלעמענט פֿון ענלעכקייט אין פֿאָרעם צווישן
צוויי אָדער מער סובסטאַנצן אָדער אָרגאַניזמען.
2. אָרגאַניזם (אָדער סובסטאַנץ) וואָס איז אין
פֿאָרעם ענלעך צו אַ צווייטן אָרגאַניזם (אָדער
סובסטאַנץ). א'־קרישטאָלן.
—יש — אַדי. א'ע קרישטאָלן. א'ע אָרגאַנען
בײַ פֿאַרשיידענע מינים ווערעם. א'ע ל י נ י ע
פֿאַראייניקט געגנטן מיט גלײַכע

גראַמאַטי-----
שע פֿאָרמען און שיידט אָפּ פֿון אַנדערע
געגנטן. פֿרגל איזאָגלאָס.

-

איזאָמאָרסיזם — דער, ־ען. ← דפֿוו.
צושטאַנד און פּרט־פֿאַל פֿון זײַן איזאָמאָרפֿיש.
ספּעצ: 1. (ביִאָלאָגיע) ענלעכקייט אין
אָרגאַניזמען פֿון פֿאַרשיידענעם אָפּשטאַם, אָבער אין
דעם זעלביקן אַרום. 2. (קריסטאַלאָגיע)
ענלעכקייט אין געבוי בײַ סובסטאַנצן מיט אַן

-

ענלעכן כעמ ן באַשטאַנד. אויך: ־־פּיע.
איי
זאָבימאָרפּיזם — צווייפֿאַכער א'.
איזאָמעטריע — די, ־ס. < איי >גר.
גלײַכמאָסיקייט. ספּעצ: (געאָגראַפֿיע) גלײַכקייט אין
הייך איבער דער ים־פֿלאַך. א, פֿון די
באַרגשפּיצן אין די אַלפּן.
־ריש — אַדי. א'ע ל י נ י ע (
טערמאָדינאַמיק) וואָס ווײַזט די שינויִים אין דרוק און
טעמפּעראַטור בײַ גלײַכקייט פֿון דער מאַסע.
א'ע ק ר י ש ט אָ ל ן — וואָס זייער סיסטעם

איז געבויט אויף דרײַ גלײַכע, צווישן זיך
פּערפּענדיקולאַרע אַקסן (ווי בײַ אַ קובֿ). א'ע
ס ט ר אָ פֿ ע ס פֿון אַ ליד.

איזאָמע'ר — דער, ־ן. 1. (כעמיע)
פֿאַרבינדונג וואָס האָט די זעלביקע כעמישע פֿאָרמל
וואָס אַ צווייטע, אָבער פֿאַרשיידן פֿון איר
מחמת דער סטרוקטור, ד„ה דעם אַנדערשדיקן

2. (פֿיזיק) סובסטאַנץ וואָס איז גלײַך צו אַ
סדר פֿון די אַטאָמען אין זייערע מאָלעקולן.

צווייטער מיט איר אַטאָמישן נומער און אין
אַ צאָל אַנדערע פּרטים, אָבער דאָך אומגלײַך
אין ראַדיאָאַקטיווקייט און נאָך עטלעכע פּרטים.
3. (באָטאַניק) געוויקס וואָס איז ענלעך צו
אַ צווייטן אין טיילווײַזער סטרוקטור פֿון בלום.
־יש — אַדי. ־יזם.

איזאָנאָמיע — די. מצ נבֿ. < איי < גר.
גלײַכהייט בנוגע געזעץ, בנוגע רעכט. ־מיש
— אַדי.

איזאָסטאַזיע — די, ־ס. < איי < גר.
(פֿיזיק, געאָלאָגיע) צושטאַנד פֿון האָבן דעם
זעלביקן דרוק פֿון אַלע זײַטן. ־סטאַטיק
— די לערע וועגן איזאָסטאַזיע. ־סטאַטיש

— אַדי. א'ער צושטאַנד פֿון אַ האַרטן קערפּער
וואָס א פֿאַרזונקען אין אַ פֿליסיקייט.
י

איזאָסייסמיש — אַדי. < איי < גר. וואָס
האָט גלײַכע אינטענסיוקייט בײַ אַן
ערדציטערניש. א'ע ל י נ י ע — פֿאַרבינדט די אַלע
פּונקטן.
איזאָעלעקטריש — אַדי. וואָס האָט דעם
זעלביקן עלעקטרישן פּאָטענציאַל. א'ע פּונקטן.

איזאָפּ

איזאָפּ — דער, ־ן. ← אזובֿ. „ער האָט
פֿאַרשטאַנען צו רעדן איבער די ביימער פֿון דעם
-
,
צעדערבוים...ביז צום א, (דאָס קלענסטע
געוועקס) וואָס גייט אַרויס פֿון דער וואַנט“, ארז,
קמ 1865, l No. [מלכים א, ה, 13].
איזאָפּאָ'ד — דער, ־ן. מין פֿון מושלדיקע
בעלי־חיים מיט אַ לענגלעכן
קערפּער וואָס באַשטייט פֿון
זיבן סעגמענטן, און יעדער
סעגמענט האָט אַ פּאָר גלײַכע
פֿיסלעך. א'ן לעבן אין ימען,

אין טײַכן און אָזערעס. פֿאַראַן

□

אויף יבשה־א'ן. ־יש — אַדי.

.□so]□o(la

איזאָפּיעסטיש — דזוו איזאָבאַריש. א'ע ליניעס.

איזאָפֿאָניש — אַדי. גלײַכקלאַנגיק. א'ע ל ינ י ע פֿאַראייניקט געגנטן מיט גלײַבן אופֿן ---.

אַרויסרעדן און שיידט אָפּ פֿון אַנדערע געגנטן. פֿרגל איזאָגלאָס.

איזאָציקליש — אַדי. (כעמיע) וואָס די אַטאָמען (פֿון דער סובסטאַנץ) בינדן זיך צונויף אין אַ געשלאָסענער קייט. א'ע סטרוקטור. א'ע פֿאַרבינדונגען.

איזאָקראַטיע — די, ־ס. < איי < גר. סיסטעם פֿון רעגירונג וואו אָלע האָבן גלײַכן פּאָליטישן כּ ו ח. [פֿרגל: דעמאָקראַטיע וואָס איר יסוד איז גלײַכע רעכ□]. ־טיש — אַדי.

איזאַ'ר — דער, ־ן. < אַראַביש. לײַוונטן אייבערקלייד, מאַנטל פֿאַר מוסולמענישע פֿרויען, באַדעקט דעם גאַנצן קערפּער.

איזבאַוועז — טרוו. ־באַווע, איזבאַוועט. סל.

1. פֿאַרדאַרבֿן, קאַליע מאַכן, באַשעדיקן. ל2.
,,חכמה איז בעסער פֿון שיסגעווער, אָבֿער
איינאיינציקער חסרון איזבֿאַוועט אָפּט פֿיל גוטס,,,
מס, קהלת, ט, 18. ,,מע וועט אים א, זײַן
פּרנסה, וועט ער ניט האָבֿן פֿונוואַנען צו לעבֿן,,,
חה. א, אַ טײַער שפּילעכל. ,,יענער דאַרף
ערשט אָנהייבֿן אַכטונג געבֿן בעת די תּבֿוּאה
גייט אויף, קיין סקאָט זאָל זי ניט א',,, [מ.
דלוגאַטש], דער לאַכידיקער ווערטיל זאַגער,
לעמבֿערג 1883. 2. אַוועקנעמען, מאַכן
פֿאַרלירן. ,,מע האָט אים איזבֿאַוועט געלט ביז ער
איז געוואָרן אַן אָרעמאַן‘‘, נחבֿ, 'מעשׂה
מבֿערגיר והעני'. ,,צײַט געהאַט מהרהר בתּשובֿה צו
זײַן אויף דעם וואָס ער האָט ייִדן, נעבֿעך,
געלט איזבֿאַוועט, האַ...און אויף דעם וואָס
ער גאָלט די באָרד?,,, יאַ, געגנאַרטע וועלט.
3. שטערן, אָפּניצן, פּטרן. ,,ניט טשאַטעווע
אָלץ אויף דער דירה פֿון אַן ערלעכן,
איזבֿאַווע אים נישט פֿון זײַן ספּאָקאָינעקייט,,, מס,
משלי תּקע,,ד, כד, 15.
מיט ז י ך — ,,דער חזן רײַסט זיו אויס דעם
גאָרגל און איזבֿאַוועט זיך זײַן גיזינד‘‘, ווז, 'דאָס
ביסאַלי מינץ, [יובֿל XIII, 1 ־]. ,,די פֿרוי
וועלכע פּודערט זיך דאָס פּנים, איזבֿאַוועט זיו

די הויט און דעם מאַן — די מזומנים“, משה
ווײַנבערג, די חרטה, באַרדיטשעוו 1898. אויו:
פּטור ווערן, זיך באַפֿרײַען פֿון עפּעס. א, זיך

פֿון קערענקעס פֿון פּאַפּירגעלט. סוב —
,
־באַווקע — הנחה, פֿאַרמינערונג.
איזבאַטש — דער, ־עס. רוס. סאַוו.
פֿאַרוואַלטער פֿון דאָרפֿישן אָדער שטעטלדיקן
לייענהויז. „דער נײַער א, איז געווען אַ סטודענט.
אין לייענהויז פֿלעגט ער אויך צוגרייטן זײַנע
לעקציעס“, רייד.
איזבאָטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך, זיך
איזבאָטשעט. רוסיצ. זיך שטעלן אין אַ פּאָזע
מיט אַ זײַט פֿאָרויס, די האַנט אונטער דער
זײַט — פּאָד באָקעם. א, זיך און בלײַבן מיט
אַ פֿאַרשטיינערט פּנים.
איזבאָי, — דער. מצ נב. סל. e6o: . <..
דרויב; קאָפּ פּיס און דאָס אינעווייניקסטע
,
פֿון אַ געשאָכטענער קו אע. „קבצנים עסן א,,
אי דאָס אויף שבת נאָר“, רייד.

איזבאַלעווען — טרוו. ־לעווע, איזבאַלעוועט.
סל. צעפּיעשטשען, צעלאָזן דורך צו פֿיל
נאָכגעבן און ניט פֿאָדערן. „א, איז אַמאָל ערגער
ווי קאַטעוועןֿ„, רייד. *א, די קישקע = זײַן
אַ פֿרעסער. מיט ז י ך ־לעוועט — אַדי.
□
אַן א, קינד.
איזבאָקו — אַדוו. סל. □ □]6o□ : □ □ >.
פֿון דער זײַט, ניט אַקטיוו. שטיין א, און
קלאַפּן זיך איבערן פּופּיק. א, זעט עס אויס
שענער ווי אין פּנים.
איזבאָרנע — די, ־ס. סל. 1. הויז וואו עס
קלײַבן זיך צונויף די אײַנוואוינערס צו
שטימען, צו גאַלקעווען. 2. אָרט, הויז וואו מע
קלײַבט צונויף און מע האַלט צײַטווײַליק
אַרעסטירטע, פֿאַרדעכטיקטע, אויך רעקרוטן.
„די געכאַפּטע פֿלעגט מען האַלטן אין א,
פֿאַרשפּאַרט ביז צום פּריִיאָם", י. קאָפּעלאָוו, אַמאָל
איז געווען. אויך אַדי. א, פּונקט — „דער
א, פּ, פֿאַר די פּריזיוויניקעס איז געווען אין
וואָלאָסט", רייד.

I□]□[□]□[נ1 .< □ :1□]o□e. ווער עס מאָנט אײַן

איזבאָרשטשיק — דער, ־עס. סל.

אָדער קלייַבט צונויף געלט, זאַכן אע. „אַ בערזע איז שטענדיק פֿול...פֿון שטאָטישע ליידיקגייער, שדכנים, משרתים...און א'עס“, רייד. „וואָרעם ווער עסט דאָס באמת אַזוינע מאכלים אין דער ליטע? נאָר אַ פּאָדראַטשעק, דער בעלטאַקסע, דער איזבאָרשיק,„ דער יודישער פּאַרפּסח, וואַרשע 1881. 2. (אין דער צײַט פֿון קאַנטאָניסטן) ,כאַפּער, אָפּצוגעבן ייִדישע קינדער אין מיליטער־דינסט. נאָמען פֿון צונ'ס אַ באַקאַנט ליד. „ווײַסע־חבֿרהניקעס...וואַרפֿן אויף אים מיט שטיינער...און שרײַען אויף אַלע נעמען:...גנבֿ! גזלן! מסור! רוצח! איזבאָרשציק!...„, א. ו. אַלטמאַן אויס סטאָלבצי, דער פֿאַבריקאַנט, ווילנע 1893.

איזבתטעווען — טרוו. ־טעוו◻, איזבונטעוועט. דזוו אויפֿבונטעווען ←. מיט ז י ך. אויך שפּאַסיק: דער מאָגן האָט זיך איזבונטעוועט. „מיר האָבן זייער מורא געהאַט פֿאַר די בלבולים און דער שׂנאה פֿון די רשעים, וואָס האָבן זיך...אויף אונדז איזבונטעוועט„, יפּ.

איזבידקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך, זיך איזבידקעוועט. סל. אויך: איזביטקעווען

זיך. מאַטערן זיך, פּײַניקן זיך. „מע
פּײַניקט זיך, מע איזבּידקעוועט זיך“, רייד. [: □ □ <
□e□I]□Bai□□]□ו□]□)3(, מיט קליינעם שינוי אין בּ.]

איזבּיראַטעל — [ווייכע □] דער, ־עס; ־ניצע, ־ס. רוס. ווײלער. ווער עס בּאַטייליקט זיך אין וואַלן; דער וואָס האָט רעכט צו קלײַבּן אין וואַלן. יעדער א, דאַרף גיין אויף (צו) די וויבּאָרעס [וואַלן]. „לויט דעם איצטיקן געזעץ פֿון די וויבּאָרעס, דאַרפֿן די א'עס אויסקלײַבּן וויבּאָרשציקעס, און די בּוררים קלײַבּן ערשט אויס דעפּוטאַטן“, 'צו די אידישע איזבּיראַטעלעס פֿון מאָהילעווער גובּערניע', סט, פּעטערבּורג 1906. ־נע — אַדי. א, פּראַווע = וואַלרעכט, סאָוו. ווערבּ: איזבּיראַיען.

איזבּע — די, ־ס. סל. פּויעריש הײַזל. כאַטע. „דאַבּײַ...איז בּאַשטעטיקט געוואָרן...דאָרט פֿון קרוינס האָלץ פֿאַר [די יִדן] א'ס בּויען“, קמ, 5 1870, No.

איזבּע סקאַרבּאָווע — די. מצ נבּ.: □.
a□י□1□rbo□][s ba. שטײַער־אַמט אין פּוילן.

אַרויסנעמען אַ פּאַטענט אין א, ס'. *עגלה
פֿון א, ס', גראַבּסקיס עגלה — פֿור

צונויפֿצונעמען סעקוועסטרירט אייגנטום איבּער
שטײַער־חובֿות.
איזבּערעגאַ'טעלנע קאַסע — די, ־ס. רוס.
סאָוו. שפּאָרקאַסע, קאַסע וואו מע קען
פֿאַרזיכערט האַלטן געלט און בּאַקומען פּראָצענט.
שפּאָרן פֿון דער קישקע און לייגן אויפֿן בּיכל
אין דער א, ק'. געקירצט: איזבּערקאַסע.
איזבּראָ'ד — דער, מצ נבֿ. רוסיצ.: □. <.
□,o□[□)e. המון, ערבֿ־רבֿ. איינער פֿון א', פֿון
די רינשטאָקן. גיין מיטן א, אונטער די פֿאָנען.
איזבּרויע — די, ־ס. □ □ □]□)3: □ □ <.
1. פֿערד־געשפּאַן, געשלידער. לעדערנע א, מיט
בּליאַכעס. 2. שפּאַסיק. קליידער וואָס זײַנען
צו שרײַאיק. אָנטאָן זיך אין דער א, און גיין
אויפֿן בּולוואַר.
איזבֿל — [איזעוועל] > מלכים א, טז, 31 אאַ.
1. ווײַבּ פֿון אַחאָבֿ (←) און טאָכטער פֿון
צידונישן קעניג אתבּעל ←. זי האָט
אײַנגעפֿירט דעם קולט פֿון בעל, גערודפֿט אליהו
הנבֿיאן. געטייט געוואָרן בּײַם יהוא־אויפֿשטאַנד

קעגן דער אַחאָבֿ־דינאַסטיע. „און עס איז
געווען אַז א, האָט פֿאַרשניטן די נבֿיאים פֿון
ה',„ תּי, מלכים א, יח, 4. [געבֿליבֿן אַ פּאָר
שאַרפֿע זאָגן: א) ווען אַחאָבֿן האָט פֿאַרדראָסן
וואָס ער קען ניט קריגן נבֿותעס ווײַנגאָרטן
פֿירסטו, דאָס אַצינד די מלוכה איבֿער
— „
ישׂראל?“, (איבֿז, מלכים א, כא, 7); בֿ) ווען
זי האָט געזען אָנקומען יהואן: “וואָס מאַכט
זמרי, דער מערדער פֿון זײַן האַר?“, (איבֿד,
מלכיס בֿ, ט, 31).] 2. זייער שלעכטע פֿרוי,
מרשעת. „די אַרורה? זי איז דאָך (אַן) א'!“.
איזגאַדיען — טרוו. ־גאַדיע, איזגאַדיעט.
1. אויסשמירן, שמוציק מאַכן. די קו האָט
איזגאַדיעט דעם גאַנצן הויף. 2. קאַליע מאַכן,
איבֿערפֿירן. 'איזגאַדיל וועאיספּאָרטיל
וועאיספראַוויט ניע מאָזשעט, — קאַליע געמאַכט און
איבֿערגעפֿירט און קען ניט פֿאַרריכטן [
פּאַראָדיע אויף יתגדל ויתקדש]. אויך מיט ז י ד.

(אי)זגאָדע

(אי)זגאָדע — די, ־ס. סל. go(1a : . >.
פֿאַרשטענדעניש; האַרמאָניע, שלום נאָך אַ

קריגעריַ. „האָט דער אָפֿיציר געמוזט אָנקומען
צו מײַן לאַסקע און עס איז געוואָרן א'„,
ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. ־דנע — אַדי.
איזגאָטאָווען — טרוו. ־טאָווע, איזגאָטאָוועט.
רוסיצ. 1. אויסאַרבעטן, פּראָדוצירן. א, דאָס
פֿײַנסטע מעבל. 2. צוגרייטן, אָפּקאָכן. א אַ
,
מאָלצײַט פֿאַר אַ פּאָר צענדליק מענטשן.
איזגאַר — דער, ־עס (־ן). וורר. □]i□ □ □.: □ .־
קליינער פֿיש פֿון זיסע
וואַסערן אין אייראָפּע
מיט אַ גרויסן
פֿלוספֿעדער אויפֿן רוקן.
דזוו יאָרש, פּערש,
בארש פֿון דער זעלביקער פֿאַביליע וואָס
.־
אָקון (אָקונע). [געווען אַ באַליבטער פֿיש אויף
שבת. אין שטעטלעך פֿון וור אויך געשטעלט
אין טשאָלנט□] iatilis .□lu □rea□].
איזגאָראָדקע — די, ־ס. רוסיצ. ניט קיין
היכע אָפּצוימונג. שטעלן אַן א, אין דער
סטאָדאָלע. ← אָגראַדע.
איזגובען — טרוו. ־גובע, ~איזגובעט. פּפֿ:
איזהובען. סל. אומברענגען. א, דאָס לעבן

פֿאַר אַ געבּראָטענער קאַרטאָפֿל. סוב: איזגובּע — די, ־ס. דאָס וואָס בּרענגט אום. „אַ קראָם ...אויך אַ פּענסיאָן...זײַנען נאָר א'ס פֿאַר [מיידלעך] פֿון מיטעלן שטאַנד„, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887.
איזגוואַלדעווען — טרוו. ־דעווע, איזגוואַלדעוועט. סל. < סל 'איז, + גוואַלד. פֿאַרגוואַלדיקן, מאַנס זײַן. „דער אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן אײַער טאָכטער מיטן גרעק אַז ער האָט איר געוואָלט א, גיט דאָס ניט קיין שיינקייט צו אַ שידוך“, ש. בּעקערמאַן, די גע.. היימניסע פֿון אַדעס, אַדעס 1885.
איזגורע — אַדוו. סל. □2□ r□ □I: □. <.
1. אין פֿאָרויס, וועגן (בּאַ)צאָלן. געבּן (אײַנצאָלן) א'. „מיינט איר אפֿשר אַז די דירה האָט מיר געקאָסט וויניק? זעכציק זילבּערנע רובּל ווי איין גראָשן א'!„, פּינסקער שטאָטלוח, תּרס“ד. 2. פֿון אויבּן. פֿון דער בּרוטאָ־סומע. אַראָפּנעמען די הוצאות א, און דערנאָך צעטיילן דעם רווח.
איזגי'בּ — דער, ־ן. רוסיצ. אויסבּייג. פֿראַמוגע. א, פֿון טײַך, פֿון וועג. א, פֿון געוועלבּ, געזימס.
איזגלאַזען — טרוו. ־אַזע, איזגלאַזעט. רוס.

נ.r]a3[.][e: . <. געבֿן אַן עין־הרע, ניט
פֿאַרגינען. „מע האָט איזגלאַזעט די קו, זי
האָט זיך אויפֿגעהערט צו מעלקן„, רייד.
איז דאָ — דזוו איז פֿאַראַן, איז בנמצא.
פֿאַרבײַט: געפֿינט זיך, עקסיסטירט. „א, דאַ
געלט — א, דאָ (אַ) חתן„, שוו. „איין ווײַסער
האָן א, דאָ אויף דער וועלט?‟, פֿוול. „אַז
עס א, דאָ אין טאָפּ — א, דאָ אין טעלער„, שוו.
איזדאָבנע — אַדי. סל. וואָס האָט אין זיך
חוץ מעל אויך: מילך, אייער, פּוטער, צוקער.
אַן א'ע בולקע. „פֿאַר נויט עסט מען א'„ פֿוול.

,

איזדאַטאָטשנע פּונקט — דער, ־ן. סאָוו.
רוס. פּלאַץ וואוהין די פּויערים שטעלן צו
שטײַערן אין פֿאָרעם פֿון פּראָדוקטן: ברויט,
פֿלייש, מילך אע. ‟לעבן א, פּ, שטייט אַ
לאַנגע ריי פֿורן, אָנגעלאָדן מיט ברויט און
פֿלייש„, רייד.
איזדאַטשע — די. מצ נב. רוסיצ. אויסגאָב,
רעשט(ע). „איך האָב ניט קיין קליינקייט,
גיט מיר פֿון אַ קערבל א'„, ש. בעקערמאַן,
דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887. *געבן
א, פֿון אַ קנעפּל = געבן אַ שאַרפֿן ענטפֿער,

ניט שולדיק בלײַבן קיין ענטפֿער.

איזדאָי, — דער. מצ נבֿ. ס□ל. (שלעכטע) מילך וואָס די קו גיט גלײַך נאָכן אָפּקעלבן זיך. „דעם א, פֿלעגט מען אַוועקשענקען דער וועשין צו האָדעווען אירע חזירים“, רייד.

איזדאָכנען — אוטוו. ־דאָכנע, איזדאָכנעט. סל. פּגרן, אומקומען, געהרגעט ווערן (גראָבֿ). איידער אַזאַ לעבֿן, איז שוין בעסער א'.

איזדאָכלע — אַדי. אַן א, פֿערדל.

איזדאָמאָ — אַדוו. 2:(lomu: □. <.

פֿון דער היים אויס. „גלייבֿט מיר, ר, שלום, ווען איך קען אײַך נישט א', וואָלט איך אײַך אַצונד געגעבֿן אַז איר וואָלט נישט געוואוסט ווי אַזוי אַוועקצוגיין“, חבֿרה קדישה־סעודה, וואַרשע תּרע“א.

איזדושען — טרוו. ־שע, איזדושעט. סל. דזוו אויסדישען ←.

איזדיווקע — די, ־ס. אוקר. אויסלאַכעניש, אָפּשפּאָטונג, חוזק. „ער האָט שפּאָטיש אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן...און מיט אַן א, זיך אָפּגערופֿן“, רייד.

איזד(י)עלנע — אַדי. אַדוו. רוסיצ. וואָס ווערט באַצאָלט לויטן שטיק, לויטן סכום אויסגעאַרבעטע זאַכן (ניט לויט דער צײַט).

אַרבּעטן א'. א, אַרבּעט.
— סאָוו. שטיקאַרבּעט.
איזד(י)עקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך,
זיך איזד(י)עקעוועט. סל. אָפּשפּאָטן, חוזק מאַ..
כן. רודפֿן, שיקאַנירן. א, זיך א י בּ ע ר
עמעצן. „האָבּן די קאָזאַקן געכאַפּט אַן אַלטן ייִדן,
געשלאָגן אים, געריסן פֿאַר דער בּאָרד, זיך
איזדעקעוועט איבּער אים„, רייד. „זאָל יעדערער
אין אים שפּײַען, בּריקענען און א, זיך„, פֿמ.
„דאָס הייסט דאָך, פּשוט, איזדיעקעווען זיך
איבּער אַ טויטן. עס קומט אויס אַז מע
בּאַשטראָפֿט אים מיט אַרויפֿלייגן אויף אים די
פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זײַן אַרײַנפֿאַלן אין
גרובּ“, ש. צ. זעצער,...דיני ממונות און דיני
נפֿשות, נ„י 1934. “קיין פֿאָלק, אויסער דאָס
בּעסטיאַלישע דײַטשישע פֿאָלק, האָט זיך נישט
איזדיעקעוועט אַזוי איבּער ייִדן ווי דאָס
פּוילישע פֿאָלק“, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן. „זיי
פֿלעגן אָפֿט שיכּורערהייט זיך איזדעקעווען
איבּער דער בּאַפֿעלקערונג בּײַם צונויפֿנעמען
שטײַערן פֿאַר דעם שיכּורן מסחר„, ימ, איבּז,
שד II ◌.
איזדי'קעליס — דער. מצ נבּ. elis ◌(l: ◌i: ◌ ◌ ◌ ־.
לאָקל (פּילווישעק און אומג,). ווילדער,

צעלאָזעגער. אַרומלויפֿער.

איזהו הכם□ הלומד מכּל אָדם

אי□דעוואַיען זיך — אוטוו. ־דעוואַיע זיך,
זיך איזדעוואַיעט. רוסיצ. חוזק מאַכן, בּייז
אויסלאַכן, אָנטאָן רשעות. א, זיך ווי אַ
וואַלדגזלן.
איז דער מער — ← וואָס איז דער מער.
איזדרעכ(נ)ען — אוטוו. ־כ(נ)ע, איזדרעכ(נ)עט.
סל. < אוק. 1. (מיט בּיטול) אויסשלאָפֿן
זיך. זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף. א, ווען אַלע
זענען שוין אין פֿעלד. 2. זיך כאַפּן
שפּעטער פֿון אַנדערע אין וואָס עס גייט. „
דאַנקען גאָט, געפֿאַלן אויפֿן שׂכל, פֿאָרט
איזדרעכנעט“, רייד (טשערנאָוויץ). אויך מיט ז י ך,
אָן שינוי אין בּ..
איזהו — [אייזעהו] < זבֿחים, מז/א אאַ. ווער
איז, וואָס איז. 1. אַנהייבּ פֿון אַ צאָל פֿראַזעס
און אויסדרוקן. ← ווײַטער. 2. געניצט צו
בּאַצייכענען אַ שטעל אין סידור, וואו מע
דאַרף נישט וויינען □.. איזהו מקומן) [נאָר
אַן עם־האַרץ פֿאַרגיסט דווקא דאָרטן בּאָכן

טרערן]. ,,דײַן טאַטע, זאָל אַ גוטער מליץ
זײַן, פֿלעגט ימים נוראים ווײנען אַפֿילו בײַ
א, מיט פיטום הקטורת,,, ייִפֿאָל, 3 1886, No.
איזהובען — טרוו. ־בע, איזהובעט. סל. וורר.
1. אומברענגען, אויסמאָרדן. ,,ער האָט אַ האַרץ
פֿון אַ וואַלד־גזלן, ער קען א, אומשולדיקע
קינדער,,, רייד. 2. פטרן, פֿאַרתּכלעווען. א,
אַ מאַיאָנטיק. ־עניש.
איזהו גיבור? הכובֿש את יצרו — [
אייזעהו גיבער? האַקויוועש עס ייִצרוי] תּח.
< אָבֿות, ד, א; < תּמיד, לבֿ/א. ,ווער איז
אַ גיבור (העלד, שטאַרקע)? ווער עס
באַצווינגט זײַן יצר, (גלוסטונג, געמיט) [פֿון
בןזומאס אַפֿאָריזמען‡ = נאָר דער וואָס האָט
אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס קען באַהערשן
זײַנע שלעכטע אימפּולסן קען אָנגערופֿן ווערן
אַ גיבור. שפּאַסיקע פּאַראַפֿראַזע: ,,א, ג'? הכובֿש
אַ גלײַכווערטל“.
איזהו דרך שיבֿור לו האדם? — [אייזעהו
דערעך שעיאָוואויר לוי האָאָדאָ] זאַץ. תּח.
< אָבֿות ב, א. 'וועלכער איז דער [גלײַכער
וועג וואָס אַ מענטש זאָל פֿאַר זיך אויסקלײַבן'.
[אין טעקסט:... דרך ישרה...; צווייטע העלפֿט:
כל שהיא תּפֿארת לעושיה (לעושׂה) ותפֿארת

לו מן האָדם — אַזאַ וואָס באַשײַנט דעם טוער
(אין זײַנע אייגענע אויגן) און באַשײַנט אים פֿאַר
לײַטן□] „הערט מען זיך אײַן ווי פּשוטע,
תּמימותדיקע ייִדן רעדן...וועגן אַ פּשוטער זאַך:
א, ד, ש, לו ה׳“, ש. ז. שרגאי, טמז, 8 XII 1965.
איזהו הכם? הלומד מכל אָדם — [...
האַלוי'מעד מיקאָל אָ'דאָם] תּח. < אָבֿות, ד,
א. 'ווער איז קלוג (אַ קלוגער)? ווער עס
לערנט (זיך) פֿון יעדן מענטשן, [פֿון בן־זומאס
אַפֿאָריזמען] = נאָר דער איז באמת קלוג וואָס
פֿאַרשטייט אַז פֿון יעדן מענטשן (אויך פֿון אַ
דורכשניטלעכן, אויך פֿון אַזאַ וואָס האָט
אַנדערע מיינונגען) קען מען עפּעס לערנען. אַ
חסידישער אײַנטײַטש: „א, ח'? — ווער איז
אַן אמתער חכם? ה, מ, — דער וואָס לערנט
פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען, ווי צו זײַן — אָ',
אַ מענטש“, טמז, 12 י□ I 1966.

איזהו הכמ□ הרואה את הנולד

איזהו הכם? הרואה את הנולד — [...
האָרויע עס האַנוילאָד] תּח. < תּמיד, לבֿ/א.
'ווער איז קלוג? ווער עס זעט דאָס וואָס ווערט

געבוירן, = נאָר דער וואָס זעט פֿאָרויס וואָס וועט קומען (וועט זײַן דער פּועל־יוצא פֿון זײַנע מעשׂים) קען אָנגערופֿן ווערן אַ קלוגער.

איזהו ימים — [אייזעהו יאָמים] אַדוו פֿראַזע.
צבֿ. זן. 'עטלעכע טעג'. „א, י, דערנאָך האָט מען זי בֿיגזלט“, גה, 35.

איזהו מכובד . המכבד את הבריות —
[... מעכובעד האַמכאַבייד עס האַברי־יויס] תּח.
> אָבֿות, ד, א. 'ווער איז געשעצט? ווער עס שעצט לײַט (מענטשן), [פֿון בן־זומאס אַפֿאָריזמען] = ווער עס טיילט צו כּבֿוד צ ו אַנדערע קריגט אויך צוגעטיילט כּבֿוד פֿ ו ן אַנדערע.

איזהו מקומן — [... מעקוימאָן] פֿראַזע. תּח.
ערשטע ווערטער פֿון משנה א, פּרק ה אין זבֿחים. 'וואָס איז דאָס אָרט, [ווײַטער. פֿון

.

זבֿחים]. געזאָגט יעדן אינדערפֿרי בײַ שחרית, פֿאַר די פּסוקי דזמרה. געניצט מיט בּ: 'וואו איז עס?'. „כ'האָב אַוועקגעלייגט דאָס טליתזעקל און די תּפֿילין — א, מ'?“ „ווער איז אײַער גאָט?...ווי אַזוי וואָלט איר אויסגעלייזט די וועלט? שטייט איר און מורמלט: א, מ'...“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „איר האָט דאָך געמוזט הערן אַז זי [מײַן ווײַ]

איז פֿון רבנים? דעם א, מ'ס אַן אייניקל,,,
יעקבֿ מאיר ליפֿשיץ, אַ וואָלוועלער ביסין,
ווילנע 1892.
איזהו נשך — [... נעשעך] פֿראַזע. תּח.
ערשטע ווערטער פֿון משנה א, פּרק ה אין
בבֿאמציעא. 'וואָס הייסט פּראָצענט, [ווײַטער: ואיזהו
תּרבּית — וואָס הייסט האַנדלס־פּראָצענט]. ,,
געלערנט האָט מען א, נ, און [דער רבי] האָט
געפּײַניקט מיט קשיות און פֿאַרלאַנגט מיטן
מוהל־נאָגל תּירוצים“, פּרץ, זכרונות. (
סאַרקאַסטיש וועגן אַ פּראָצענטניק) אַ בקי אין א, נ'.
איזהו עשיר? השׂמה בּהלקו — [...
אָשיר? האַסאָמייאַך בּייכעלקוי] זאַץ. תּח.
< אָבֿות ד, א. 'ווער איז אַן עושר? ווער
עס איז צופֿרידן מיט זײַן חלק, [פֿון בן־זומאס
אַפֿאָריזמען] = נאָר דער וואָס איז צופֿרידן
מיט דעם וואָס ער האָט — קען אָנגערופֿן
ווערן אַ רײַכער מאַן. [רבי עקיבֿא ענטפֿערט
אויף דער זעלביקער פֿראַגע: מי שיש לו אשה
נאה במעשׂים = ווער עס האָט אַ פֿרוי מיט
שיינע מעשׂים.]
איזהו שוטה? המאבּד כּל מה שנותנים
לו — [... שויטע? האַמאַבּייד קאָל מאַ
שענויסנים לוי] תּח. < חגיגה, ד/א. 'ווער איז

אַ שוטה? ווער עס צעשטערט (צעבּרעכט, מאַכט קאַליע) אַלץ וואָס מע גיט אים'. [לויט דער תּל טערמינאָלאָגיע איז אַ שוטה ניט אַ נאַר, נאָר אַן אומנאָרמאַלער. אַ דעסטרוקטיווע נייגונג איז אַ סימפּטאָם פֿון שיגעון, פֿון אַ גײַסטיקער קראַנקייט. אַ שוטה (אויך אַ קליין קינד און אַ טויב־שטומער) טראָגט ניט קיין אַחריות פֿאַר זײַנע מעשׂים.]

איזהו תּלמיד־הכם? — זאַך. תּח. < שבּת, קיד/א. 'ווער איז אַ תּלמיד־חכם?, [צווייטע

1()43

העלפֿט: 'כּל ששואלין אותו הלכה בּכל מקום ואומרה, — דער וועמען מע פֿרעגט אַ דין אין יעדן ענין און ער ענטפֿערט]. ,,אַפֿילו אַ סך פֿון די וואָס האָבּן די ריכטיקע סמיכה מיטן 'יורה — יורה, ידין — ידין, זײַנען נישט בּאַרעכטיקט צום טיטל רבֿ. די חז"ל האָבּן אונדז געלערנט איזהו...,,, טמז, 1966 I l ‌י 6.

איזה להיים ואיזה למות — [אייזע לייכאַיִם... ליימאָוועס] צבֿ פֿון יִדיש־ריידערס.

< לויט מוסף פֿון ראָש־השנה און יום־כּיפּור: ,,אַתּה זוכר...ועל המדינות בּו יאמר, איזו לחרבֿ

ואיזו לשלום... ובֿריות בּו יפּקדו להזכּירם לחײם ולמות“. 'ווער — צום לעבּן, ווער — צום טויט'. געניצט אין פֿאַרשיידעגע וואַריאַציעס און אײַנטײַטשן: „א, ל, ו, ל, — ווּעמען בּרויט, ווּעמען טויט„, פֿוּול; „א, ל, — ווער ס'לעבּט אַ גוטן טאָג, ו, ל, — און ווער עס מוטשעט זיך בּיזן טויט“; „א, ל, — ווער סע שפּאַנט אַרײַן אין אַ טיפֿן עלטער, ו, ל, — און ווער סע ציט אויס די קאָפּיטעס יונגערהייט“; „א, ל, ו, ל, — מאַכט רשי: גאָט איז גאָט און בּראַנפֿן איז בּראַנפֿן“, שע, טביה.

איזוואָזטשיק, ־שטשיק — דער, ־עס. סל. פֿורמאַן, בּעל־עגלה. דראָזשקאַזש. ספּעצ אָנטרייַבּער פֿון אַ דראָזשקע. „מוז ער נעבּעך גיין צו פֿוס, ווײַל כּמעט אַלע א'עס זענען מזרע־היהודים“, פֿרוג III, נ“י 1910. „אַזוי ווי דער פּויעזד איז נאָר צוגעקומען צו דער סטאַנציע וואַרשע, איז מײַן חבֿרה־מאַן אַראָפּגעשפּרונגען און בּאַלד גענומען אַן א, און זיך געהייסן

פֿירן אין אַן אָטעל“, דער לאָדזער סוחר, בּאַרדיטשעוו 1910. „דער א'...קוקט זיך אײַן, ווער דאָס רעדט צו אים, טאָמער איז דאַס אַן

אונטערגעשיקטע„, שע, אין שטורעם. „אָנגע

פּעלצטע א'עס האָבּן געוויאָקעט צו די פֿערד,,, מאַנ, נאָענטע געשטאַלטן.

איזוואָמפּען — טרוו. ־פּע, איזוואָמפּעט. < וור7 וורר. איבּערראַשן. פֿאַרוואונדערן. צעטומלען. ,,צוערשט האָבּ איך זיי די [שלאָסאַרעס און מאַשיניסטן] אַזוי איזוואָמפּעט (איבּערראַשט) מיט מײַן אויסזען, אַז זיי האָבּן מיך אויסגעפּרובּירט, ווי מע פּרובּירט אויס אַ געלערנטן הונט,,, ש. סײַמאָן, צווײַגן. אויך מיט ז י ך.

איזוואָ'ר — דער, ־ן. בּעס, רומ. <

מאַלדעוואַניש — vo i. קוואַל וואָס פֿליסט אַרויס פֿון אַ בּאַרג, פֿון צווישן שטיינער. ,,ס'וואַסער פֿון א, איז קאַלט און ריין,,, רייד. ,,קאָנסטו דעם קאַנט וואו...אַן א, אין שאָטן פֿון ביימער שווימט דיר אַקעגן,,, יוסף טראַכטנבּעדג, אויף בּעסאראַבּער עדד, סיגעט 1938. "מיר האָבּן געטרונקען פֿון קלאָרע א'ן,,, אפֿא, גילדענע שקיעה.

איווערג — דער, ־ן? (־עס). רוסיצ. אומגעהײַער. אַ מענטש אַ חיה. ,,איר מאַן איז אַן אמתער א'", רייד.

איזולע — די, ־ס? דזוו אינדזל. ,,זי מיטן אין מער איין איזולה בֿונדן,,, בּבֿא־בּוך, 89. [אין רשימה פֿון 'וועלשן ווארטר, צום סוף

פֿון בבֿא־בוך האָט אבֿ א, ניט אַרײַנגענומען]
איזופּ — ← אזובֿ. אבֿ, שמות דבֿרים.

איזם

איזור — [אייזאָר] דער, ־ים. < מלכים בֿ, א, 8. 1. מיט שינוי אין בֿ. א״י. ראַיאָן, געגנט. „דער מושבֿניק פֿון א, לכיש“, ש. ביקל, טמז, 2 .31 1959 II. זן. גאַרטל.
איזוראָדעווען — טרוו. ־דעווע, איזוראָדעוועט. רוסיצ. צעקאַליעטשען, פֿאַרקריפּלען. ממיתן, א', אויסדרייען אַ האַנט. „די כוליגאַנעס האָבן אים איזוראָדעוועט און ער איז געבליבן אויפֿן גאַנצן לעבן אַ קאַליקע“, רייד.
איזי — פֿאַרצויגענער נאָמען פֿון איציק. אויך: ־נקע, ־לע. א, כאַריק, סאַוו־ייִד, פּאָעט (1898 — אָקט, 1937). אויך: אַמ פֿאַר ישׂראל און איזידאָר.
איזיאַסלאַוו — גנ. קרײַזשטאָט אין וואָ. בײַ ייִדן — זאַסלעוו. 1897 — 5,998 ייִדן צווישן 12,611 אײַנוו.. צווישן די ביידע וועלט־מלחמות האָבן אין א, געלעבט לערך 8,000 ייִדן; אַלע אומגעקומען אין די חורבן־יאָרן.
איזיו'ם — דער, ־ען. < רוס < טאָטעריש.

זאַמל־נאָמען פֿאַר געטריקנטע ווײַנטרויבן. ראָזינקעס. אויך איין ראָזינקע. די געשמאַקע פֿאַרשיידנמיניקע א'ען פֿון צענטראַל אַזיע.

-

איזיס — נאָמען פֿון מצרישער געטין, ווײַב און שוועסטער פֿון אָזיריס (←).

איזיסקעווען — טרוו. ־קעווע, איזיסקעוועט. רוסיצ. געריכטלעך אויסזוכן, אויספֿאָרשן. א, ווער עס איז דער שולדיקער.

איזירער — דער, ־ס. > הויזירער אין קאָנטאַמינאַציע מיט □usure: □ □־. אויסניצער, וואָכערניק. דזוו הויזירער. פּעדלער אין רומענישן ייִדיש. „דער א, טראָגט מיט זיך דעם פּעקל און קריכט אין אַלע הייף. וואָס האָט ער גאָר אין זעקל מער ווי אַ טיצל זייף", ווז, 'דאָס ביסאַלע מינץ, [וואַכשטיין־בוך, ייִוואָ]. „קויפֿן בײַ אַן א, קאָסט אַלעמאָל טײַערער", רייד (רומ).

איזל — דער (דאָס), ־ען. אַרכ. אַש. באר התּורה און באר משה פֿאַרטײַטשן 'פּיח כּבֿשן, (שמות, ט, 8): „א, פֿון אַ קאַלכאויוון". „איזל קאַלכ אובֿן, איין זך דשׂ דא גיבלוזן ווערט פֿון דיא קולן,,, טח, שמות, ט, 10, רשי.

איזלאָמאָק — דער, ־מקעס. < רוס. לאַקל (טשערניגאָווער גובֿ'). אומבאַהאָלפֿענער. ווער עס קען זיך ניט פֿאַרטיידיקן. קאַליקע. ,,מײַן בערל איז ניט קיין א', ער קען דערלאַנגען אַ פּאַטש אויף צוריק,,, רייד.

איזלוטשי'סט — גנ. אַלטע ייִדישע קאָלאָניע אין קריוואָראָגער קרײַז, אוקרײַנע [1845 — 70 משפּחות. 1897 — 739 ייִדן. 1926 — 752 ייִדן].

איזליפּ — דער, ־פּ(צ)עס. אויך: זליפּעץ, איזש ן, ־פּאָק. האַלב־רויער ברעג פֿון אַ לאַבן ברויט, ווען צוויי לאַבנס באַקן זיך צוזאַמען אין אויוון און קלעפּן זיך צונויף. באַשמירן דעם א, מיט שמאַלץ.

איזם — דער, ־ען. < ־יזם, סופֿיקס. יעדער מין שיטה, ריכטונג, געזעלשאַפֿטלעכע דאָקטרין אָדער באַוועגונג. אידעאָלאָגיע, וואָס דער פֿולער נאָמען עגדיקט זיך מיטן סופֿיקס ־יזם.

איזמאַאיל

האָט אָפֿט איר בײַטעם. ,,נאַציאָנאַליזם אָדער ניט־נאַציאָנאַליזם איז דעם שרײַבערס פּריוואַטע זאַך...מוז ער...האָבן דאָס זעלביקע רעכט אויף

...אַנדערע 'איזמען'", שנ, לעזער, דיכטעך, קריטיקער I. ,,די איבערגעשפּיצטע מוחות וואָס קלערן אויס אַלערליי א'ען און שלעפּן מענטשן אונטער דעם יאָך פֿון זייערע פּלענער,,, בעמ [illegible] י. ,,דער גאַנצער ספּעקטער פֿון מאָדערנע ריכטונגען און א'ען בײַ אונדז, די געשיכטע פֿון פּאַרטייען און פּאַרטיי־קאַמף,,, ימ, קוד, 1941.

איזמאַאיל — גנ. אויעזד־שטאָט אין דרומבעסאַראַביע. ייִדן זינט 1836 (נאָכן גירוש פֿון סעוואַסטאָפּאָל און ניקאָלײַעוו). 1897 — 2'781 ייִדן. 1930 — 1,680 ייִדן.

איזמאַראַ'גד — דער, ־ן. דזוו עמעראַלד, שמאַראַגד, שמאָראַק.

איזמאָרדעווען — טרוו. ־דעווע, איזמאָרדעוועט. < פּויל. אָנמאַטערן, פֿאַרפּײַניקן מיט אַרבעט. א, די פּאַראָבקעס. געוויינלעך מיט ז י ך — ,,זי האָט זיך נעבעך גוט אָנגעהאָרעוועט און האָט זיו איזמאָרדעוועט,,, פּינסקער שטאָט־לוח, תרס,,ד.

איזמאָרען — טרוו. ־רע, איזמאָרעט. סל. דזוו אויסמאָרען ←. א, די בהמות. אַן איזמאָרעטע בהמה. אויך מיט ז י ך — א, זיך פֿאַרן פּריזיוו.

איזמוטשען — טרוו. ־טשע, איזמוטשעט.

רוסיצ. דזוו אויסמוטשען ←. אויך מיט ז י ך.

איזמיל — דער. מצ נבֿ. < אזמל. א״י. קורצע
שטאַבֿע, (שטאַמ)אײַזן מיט אַ פֿאַרשאַרפֿטן שפּיץ
צו האַקן אָדער אַרומהאַקן שטיינער. שלאָגן
מיטן האַמער איבֿערן א'.

איזמ(י)עשטשען — טרוו. ־שטשע,
איזמ(י)עשטשעט. רוסיצ. דזוו אויסמיעשטשען ←.
,,אַלע האָבֿן זיך געמוזט א, אין דרײַ שיפֿן,,,
חײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817.

איזמיר — גנ. סמירנע. האַפֿנשטאָט אין
קלייןאַזיע, טערקײַ. [1935 — 160,000 אײַנוו',
20,000
ייִדן; 1964 — 5,000 ייִדן]. ייִדישע קהילה
זינט אַנטיקע צײַטן, שטאַרק פֿאַרגרעסערט
געוואָרן אָנהייבֿ 16. י,,ה מיטן אָנקום פֿון אַ
גרעסערער צאָל גולי־ספֿרד. געבֿוירנשטאָט פֿון
שבתי צבֿי און צענטער פֿון דער שבתי
צבֿיבֿאַוועגונג. ,,איש, איין מאַן וואַר פֿון דשׂ לאַנד
מורעאה, דר וואַר וואונין אין די שטאַט א,,
זײַן נאמן וואַר מרדכי צבֿי,,, שאַר. ,,און האָט
אומגעמאַכט דעם שבֿעה עשׂר בתּמוז אויף אַ
יום־טובֿ און האָט מיט זײַן כאַליאַסטרע זיך
אַרויפֿגעזעצט אויף אייניקע שיפֿן און איז
געקומען קיין א',,, אמד, שבתי צבֿי, ווילנע

.1882

איזמעניאַיען — אוטוו. ־ניאַיע, איזמעניאַיעט. רוסיצ   פֿאַרראַטן. זײַן אומטרײַ (וועגן מאַן
. — -
און ווײַבֿ). „ער איזמעניאַיעט איר מיט איר חבֿרטע“, רייד. איזמענ(ש)טשיק. איזמענע.

איזמעסטען — ← איזמ(י)עשטשען, ← אויסמיעשטשען.

איזן — ← איז.

1044

איזנאַסילעווען — טרוו. ־לעווע, איזנאַסילעוועט. רוסיצ. פֿאַרגוואַלדיקן, מאַנס זײַן. „בעתן פּאָגראָם האָט מען איזנאַסילעוועט ייִדישע טעכטער“, רייד.

איזניוכען זיך — אוטוו. ־כע זיך, זיך איזניוכעט. פֿטמ. דזוו אויפֿניוכען זיך ←. “ שולדיק בין איך גאָר אַליין, מחילה דערמיט, וואָס איך האָבֿ מיך איזניוכעט מיטן ליטווישן לערערל“, ייִל, ניט טויט ניט לעבֿעדיג, ווילנע תּרנ„ח. „הלוואַי וואָלט איך פֿריִער געווען בײַם רעכטן זינען און שׂכל און זיך ניט געווען

איזניאָכעט...[מיט] ווייַבער,,, מאיר קאַוויאָך,
משיחס צײַטן, אַדעס 1913. ,,עס האָט אים
גענומען שטעכן דער האָבער און ער האָט
זיו ,איזניוכעט, דאָרט מיט עפּעס אַן
אַמעריקאַנער נקבֿה“, פּ. רודאָי, טמז, 1963 III ◻ 18.
איז ני'ט — [שטאַרק אַקצענטירט] דזוו מילא,
מאַכט ניט אויס. *איז ניט געטאַנצט מיט דער
כּלה (מיט דעם בער). *איז ניט געפֿידלט =
מילא, וועט ניט אַרויסקומען פֿון דעם פּלאַן,
געשעפֿט, אָנבאָט אע.
איזנישטשען — טרוו. ־שטשע, איזנישטשעט.
רוסיצ. פּפֿ: איזנישטשײַען. 1. דזוו
אויסנישטשײַען ←. 2. דזוו אויסנישטשען ←.
אויך מיט ז י ך — פּטרן דאָס געזונט, זיך
אינגאַנצן א'.
איזנע, ־ני — גג. פּפֿ: איסני, אייזנה.
קלענערע שטאָט אין ווירטעמבערגער פֿירשטנטום,
דײַטשלאַנד [פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה
קרובֿ 4,000 אײַנוו', בלויז געציילטע ייִדישע
משפּחות]. א, איז באַרימט מיט איינער פֿון די
ערשטע העברעאישע דרוקערײַען וואָס פּאַולוס
פֿאַגיוס, אַ קריסטלעכער געלערנטעו, האָט
דאָרטן געגרינדעט אין ערשטן פֿערטל 16. י,,ה.
אין 1541 האָט אב אָפּגעדרוקט דאָרטן זײַן

בבֿא־בוך, אויך ספֿר המדות געדרוקט אין א, 1542.
איזסל(י)עדעווען — ← אויססל(י)עדעווען.
,,דער פּראָקוראָר...[פֿאַרלאַנגט] מע זאָל געניעער איזסליעדעווען די בלוטפֿלעקן וואָס מע האָט באַמערקט אויף די קליידער“, ייִפֿאָל, 1882, No 40.
אי'זעוויץ — דער, ־עס. < ? . לאַקל (קורלאַנד, זאַמעט). גראָבער־יונג. שלעכטער מענטש, געניצט וו אַ זידלוואָרט. ,,אַזאַ א,, קען מיט
י
מענטשן ניט ריידן,,; ,,א, איינער, אַוועק פֿון מײַנע אויגן!,,, רייד.
איזער — דער, ־ס. < אוזאָ'ר. אוקר, גאַליציע. מאַנקעט פֿון אַ זאָק אָדער אַ לײַבל, אויסגעאַרבעט געדיכט און עלאַסטיש. [בײַם א, האָט מען געאַרבעט צוויי אויגן גלײַך און צוויי אויגן פֿאַרקערט. דעם נידעריקן זאָק האָט מען געאַרבעט נאָר גלײַך ?] א'־זאָק — ווען דעם גאַנצן זאָק, חוץ דעם אונטערשטן טייל האָט מען געאַרבעט מיט צוויי אויגן גלײַך און צוויי פֿאַרקערט.
איזערלאָן — מענער־נאָמען. דזוו איסערלין (←.).

איזקאַסעווען — טרוו. ־סעווע, איזקאַסעוועט.
סל. פּפּ: איסקאַסעווען. אויך:

איזקאַאיזש(ד)יוועניע

סירן. דזוו אויססקאַסירן ←. „...האָט אָפּגענומען דאָס רעגירונג, האָט ער באַלד איזקאַסעוועט קאָלאָמבאָסעס פּרעזאָנדקעס“, חײקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817. „בשעת איך בין דאָרטן געוועזן איז דאָס שוין געווען איזקאַסירט, ווײַל די ענגלישע רעגירונג האָט דאָס פֿאַרווערט„, אמד, איי הים, ווילנע 1856.

-

איזראַאילעווקע — גנ. אויך:
איזרײַלעווקע. ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע, יעליסאַוועטגראַדער קרײַז, אוקראַאינע [1897 — 1,490 אײַנוו', 1,112 ייִדן. 1926 — 1,201 ייִדן].
איזראַניען — טרוו. ־ניע, איזראַניעט. סל. דזוו אויסראַניען ←, אויסראַנירן ←.
איזראַעל'יט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. < איי < יִ ‎Iראל. ייִד. ווער עס געהערט צום פֿאָלק ישׂראל, שטאַמט אָפּ פֿון ישׂראל. [פֿאַרשפּרייט בײַ ניט־ייִדן, ווען זיי ווילן אָנרופֿן אַ ייִד

מיט אַ חשובֿערן נאָמען, אָן נעגאַטיווע
אָנצוהערענישן וואָס האָבן זיך פֿאַרבונדן מיטן
וואָרט ייִד אין זייערע לשונות. איבערגענומען
און אָפֿט געניצט פֿון אַסימילירטע און האַלבֿ.
אַסימילירטע ייִדן.] ־יש — אַדי.
איזרינעווען — טרוו. ־נעווע, איזרינעוועט. וורר.
1h נ][ ]3: ־ <. צעשטערן, רואינירן.
איזרינעוועטע הײַזער.
איזשאָגע — ← אָזשאָגע.
איזשאַק — דער, ־עס. אוקר. דזוו יאָזשיק,
שטעכלער.
אי'זשאַקפֿיש — דער. מצ ווי אצ. פֿיש וואָס
זײַן הויט איז באַדעקט
מיט האַרטע
שטעכיקע שפּיצן אַנשטאָט
שופּן (אין אָנבליק
פֿון אַ סכּנה בלאָזט
ער זיך אויף און
באַקומט אַ רונדיקע פֿאָרעם ווי אַ שטעכלער,
איזשאַק); לעבט אין די טראָפּישע ימען. on]()yi.ע.
איזשביץ — גג. 1. אויך: איזביצע.
שטעטל אין לובלינער וואָיע', פּוילן. א'ער
חסידות געגרינדעט פֿון ר, מרדכי יוסף ליינער;
זײַן זון ר, יעקבֿ אַריבער קיין ראַדזין.

צונעמענישן: א'ער בעלי־עגלות, א'ער פּאַרכעס, א'ער געגדז, א'ער צלאַפּעס. 1897 — 3,172 אײַנוו', ייִדן 2,862 — 1931;3,019 ייִדן. ,,ווען טאַטעמאַמע האָבן געדאַרפֿט אָנפֿאָרן פֿון א', האָב איך אײַנגעפּאַקט אַ טלומיקל און בין אַוועק פֿון שטאָט", באַש, פֿאָר, 20 XI 1965. [אין 1942 האָבן די נאַציס אין צוויי עטאַפּן אומגעבראַכט אַלע ייִדן פֿון א, אין אויסראָט־לאַגער בעלזשעץ]. 2. שטעטל אין קאָלישער קרײַז, פּוילן. צונעמעניש: א'ער בלויע ציצית. 1897 — 2,488 אײַנוו', 1,250 ייִדן. 1931 — 1,378 ייִדן. אַלע ייִדן פֿון א, אומגעקומען אין נאַצי־חורבן.

איזש(ד)יווענע — די, ־ס. סל. < רוס. אויסהאַלט. געלט אָדער מיטלען אויף אויסקומעניש. ,,איבערגיין אויפֿן ווײַבס א',,, א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932. ־ווענעץ —

איז(ש)י־מיזשי(־באָרדע)

ווער עס ווערט אויסגעהאַלטן. ,,ער פֿאַרדינט ווייניק און האָט פֿיר איזשדיווענצעס", רייד. איז(ש)י־מיזשי(־באָרדע) — די. מצ נב. ,,אַ שפּיל פֿון אַרײַנשטעלן ציפֿערן פֿון איינס

’

בּיז נײַן, אין אָנגעצייכנטע קעסטעלעך (
ווערטיקאַל, האָריזאָנטאַל אָדער באַלכסון האָט זיך
געדאַרפֿט באַקומען צוועלף כּדי צו געווינען).
מע האָט די שפּיל אויך גערופֿן א'־מ'־ב' ,,,

חנוך האַלפּערן [מ□], ייִשפּ II □ יX, 1. ,,מיר
זיצן דערווײַל אַלצאיינס ליידיק, לאָמיר שפּילן
אין א'־מ,־בּ'“, רייד (מג).

איזשצורעץ — דער, ־רצעס. לאָקל (טלוסטע,
גאַליציע). האַנטעך צו ווישן כּלים. סטירקע,
סציערקע, שטשיערקע.

איהוד — דער, ־ים. פֿאַראייניקונג. ,,ס'מוז
קומען צו אַן א, פֿון דער אַרבּעטער־באַוועגונג
אין לאַנד“. 1. געניצט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע,
ליטעראַרישע, קולטורעלע פֿאַראיינען, ווי א'־
הרבּנים, א'־המורים, א'־הרופֿאים אאַזוו. 2.
נאָמען פֿון אַ ציוניסטישער און פּאַציפֿיסטישער
גרופּע (געוו, בּרית־שלום), רעאָרגאַניזירט אין
1942, מיט דער אידיי(ע) פֿון אַ בּינאַציאָנאַלן
שטאַט אין ארץ־ישׂר□ל, מיט גלײַכע רעכט פֿאַר
ייִדן און אַראַבּער. 3. אַלוועלטלעכער פֿאַרבּאַנד
פּועלי־ציון פֿאַראייניקט מיט צ.ס. און התאחדות,
אָרגאַניזירט אין דאַנציק, 1932. ← איגוד.

איהור — דער, ־ים. תּח. < הכּוזרי, א, ק.

פֿאַרשפּעטיקונג, פֿאַרזאַמונג. „דער אתרוג איז אָנגעקומען פֿון מדינת־ישׂראל מיט אַ קליינעם א, — עטלעכע טעג נאָך סוכּות“, רייד.

אי הזיא לך — לא אַזלאָ מינך —

[... כאַזיע לאָך לוי אַזלע מינאָך] זאַץ. תּח. > מועד קטן, יח/ב. 'אויבֿ דיר איז באַשערט, וועט עס פֿון דיר ניט אַוועק,. דזוו „באַשערט איז באַווערט,,.

איטאָ'ג — דער, ־ן. > רוס. הורוויץ, ספֿר המליס, אַדעס 1903. סך־הכּל, אונטערצי. אונטערשטע שורה. „מאַך דעם א, פֿון הײַנטיקן טאָג לייזונג,,, רייד. „דער א, פֿון דער מעשׂה איז...“, רייד.

איטאַליאַניזירן — טרוו. ־זיר, איטאַליאַניזירט. צופּאַסן צו דער איטאַליענישער קולטור, צום שטייגער פֿון איטאַליענער. ווירקן אין דער ריכטונג פֿון אַסימילירן מיטן איטאַליענישן פֿאָלק. א, די אײַנוואוינערס פֿון טיראָל. מיט ז י ך — גיך זיך א'. ־אַציע. ־ירונג.

איטאַליאַניזם — דער, ־ען. שטריך פֿון שטייגער, גאַנג, מאַניר וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איטאַליע, פֿאַר איטאַליענער.

איטאַלינער — פֿטמ. דזוו איטאַליענער.

איטאַליע — גנ. לאַנד אין דרום־אייראָפּע,

אויפֿן אַפּענינישן האַלבאינדזל וואָס שנײַדט זיך
אַרײַן אין מיטלענדישן יס, צוזאַמען מיט די
אינדזלען סיציליע און סאַרדיניע. אַן ערך
300,000 קוו, ק"מ. 1965 — 52,500,000 אײַנוו'.
אין די יאָרן 1870 — 1848 קאַמף פֿאַר
פֿאַראייניקונג אין איין מלוכה. זינט 1870
קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, פֿאָרמעל ביז 1946 (זינט
1925 פֿאַשיסטישע דיקטאַטור פֿון מוסאָליני), זינט
דעמאָלט רעפּובליק. הויפּטשטאָט רו□ם. ייִדן

1045

אויפֿן באָדן פֿון איטאַליע זינט 139 פֿאַר אָצ.
וועגן ייִדן אין באַזונדערע שטעט און
געגנטן ← בײַ די נעמען פֿון די שטעט און
געגנטן. ייִדן אין א, הייבן אָן שפּילן אַ
קולטורעלע ראָלע אין 16. י"ה, ווען אַ טייל
אַרויסגעטריבענע פֿון שפּאַניע באַזעצן זיך אין
איטאַליענישע שטעט. גלײַכבאַרעכטיקונג זינט
1870. אָנהייב 20. י,,ה אַן ערך 35,000 ייִדן.
1925 — 46,000 ייִדן. 1948 — 38,500 ייִדן,
צווישן זיי אַן ערך 5,600 פּליטים. 1965 —
35,000 ייִדן.
איטאַליעניש — אַדי. וואָס איז פֿון, האָט

אַ שײַכות צו איטאַליע, דעם לאַנד, דעם פֿאָלק, דעם לשון, קונסט, אינדוסטריע אאַ. א'ע אָפּערע. א'ע מאָלערײַען. א'ע טענץ. א'ע שול. א'ער סטרײַק = זיץ־סטרײַק. א'ער ווײַן. א'ע וואורשטן. א'ע בוכהאַלטעריע = וואו יעדע אָפּעראַציע ווערט פֿאַרשריבן צוויי מאָל ־קייט.

.

איטאַליעניש — דאָס. שפּראַך פֿון איטאַליענער. איינע פֿון די ראָמאַנישע, לאַטײַן־אָפּשטאַמיקע שפּראַכן. זיך אַנטוויקלט פֿון דעם טאָסקאַנישן דיאַלעקט. ווערט גערעדט פֿון קרובֿ 60 מיליאָן. ,,...דיזוז ספֿר...האבּ איך מיך בּמיהט צו בּקומן אין רוֹם...זעלבּיג איזט גדרוקט געוועזט אויף איטליעניש און לשון לטיין...,,, תּשועת יסtראל, פֿיורדא 1740? [ייִפֿאַ, 1938, 1].

איטאַליענער — דער. מצ ווי אצ. ונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. געבּוירענער אין איטאַליע אָדער בּירגער פֿון איטאַליע. 2. מיטגליד פֿון איטאַליענישן פֿאָלק. די א, פֿון צווייטן דור אין ניו־יאָרק.

איטאַליציזם — דער, ־עו. אידיאָם, אויסדרוק, פֿראַזע וואָס איז גענומען פֿון איטאַליעניש, איז באַראַקטעריסטיש פֿאַר איטאַליעניש.

איטוועדער — פּראָ. M d : ie־י (le ,

(1er יˉi. [בּלויז אין אצ. בּייגט זיך ניט].
יעטוועדער, יעדערער. „א, האָט אויף זיי
געטײַט מיט די פֿינגער„, פּ. נ., נטימ מן השמים,
לובּלין 1914. אַרכ אויך: א'ער. „פֿור די אובּיר
און, אונטר אופֿיצירר...ווערט פֿר אידוועדדיר
איין פֿענדיל געשטעלט„, מעדני מלך, פֿפֿדמ
.172

איטלעך — פּראַ. אויך: איקלעך ←.
(ie(lˉli tlieh, :d M. בּייגט זיך ווי אַן
— עם: איל. טיוו פֿאַרן
. 1. וואָס
אַדי; נייטראַל, נאָמינאַטיוו או א וז ,
סובּ, אויך די פֿאָר
איז יעדער איינער פֿון אַ גרופּע. יעטוועדער פֿון
אַ צאָל (מענטשן, באַשעפֿענישן). „א'ער
בּעלדרשן דרשנט (דרשעט) פֿאַר זיך“; „א'ע
טרײַנע מיט איר טענה, א'ער פּרץ מיט זײַן תּירוץ„;
„א'ס קינד ווערט געבּוירן מיט זײַן מזל“;
„א'ער הונט איז אויף זײַן מיסט אַ גראַף„,
שוו. „ווייש אידליכר רשע דז ער קיגן גוט
זינד“ [= זינדיקט קעגן גאַט], צוכט. „ווען
איין גוי איינם יודן נאָך לויפֿט, דא איז
איטליכר יהודי מחויבֿ דען יהודי מציל צו זײַן

און איז אַפּילו מחויבֿ מחלל שבת צו זײַן“, לט1, אַמשט 1723. „א'ער בעל־הבית זאָל זײַן הויזגעזינד וואָרענען דאָס זיי אָן הבֿדלה קיין זאַך ניט טאָן„, עץ חיים, תּרי„ב.

2. קומט אָפּט אָן אַ ווײַטערדיקן סובֿ. בּ

איטעריטאָריעל

אויך: אַלע, יעדער מענטש. אויסגעבּונדן (←, בּ2) מיט א'ן. אויסגעקאָכט זײַן ▯.) מיט א'ן. „א'ער בּאַזונדער און אַלע אינאײינעם„, פּוול. „די זון שײַנט פֿאַר א'ן אומזיסט„; „אין שפּיגל זעט א'ער זײַן בעסטן פֿרײַנד“; „א'ער האָט ליבּ דעם אמת, אָבער ניט א'ער זאָגט אים“; „די וועלט איז אַ פֿײַנע, נאָר א'ער האָט דאָס זײַנע„; „דאָס אויער מעג מען א'ן געבּן...„, שוו. „דוא זאָלשׂט איינם איטלכן אין אַלי זײַני עסקים צו גוטן אויז ליגן“, לט1, פּה/ב. “איז א'ער פֿון דער וועלט בּײַ אים געוועזן גלײַך ווי נישט“, נחבֿ, 'מעשׂה בּחכם ותּם'. „עס וועט אָפּגעווישט ווערן טרערן פֿון א'נס פּנים“, ממום, קליאַטשע. „כּל עורבֿ למינהו — א'ער צו זײַן צעך„, שע, ,דער צימעס'.

3. קומט מיטן בּ1 אָן אַ סובֿ וואָס ווערט

פַארשטאַנען פֿון דעם פֿריִערדיקן רעדן אָדער פֿון קאָנטעקסט. א'ער פֿון אונדז. „איטליבר מאַכט זיך מנהגים נאָך זײַנם וואול גיפֿאלן“, לט1, הקדמה. „מן מוז איטליכם דרײַא פּסוקים [געבן צו] לייאנן„, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, י/א. „איין איטליכר האָט...צווייא אודר דרייא יודיני בײַא זיך אין דעם בעט„, סהמ, שופֿטים, ה, 30 [בײַם אויסטײַטשן: 'רחם רחמתים לראש גבֿר]. „....זאָלין אויף צייכנן וואו איטליכר גיבט„, תקק.

4. וואָס איז יעדער איינציקע זאַך פֿון אַ צאָל (אָדער פֿון אַלע) זאַכן; וואָס איז פֿון יעדער פֿאַל, יעדער טואונג אאַזוו. א'ס מ אָ ל. א'ס פּ י צ ע ל ע (באַזונדער). שלינגען א'ס ו ו אָ ר ט. אויפֿכאַפּן א, וואָרט. אויסקושן א'ן (א'ס) אבֿר באַזונדער. „אונטר האַלטן אין אַלין און, איינם איטליכן גיבֿירד, איין איטליכן גישלעכט“, צאינה, תּרגום שני. „א'ער טרעט פֿונעם מענטשן איז בײַ השי„ת אויסגערעכנט“, מס, משלי תּקע״ד, כ, 24. „אַלע מעשׂיות פֿון דעם ספֿר זענען דורך גרויסע סודות התּורה, א'ס וואָרט און א'ע זאַך מיינט מען גאָר עפּעס אַנדערש“, נחבֿ, 'מעשׂה מהז, בעטלערס'. „קוקט זיך צו...צו א'ס שטיק פֿריש ערד“,

ממוס, שלמה. „א, שידוך האָט געהאַט זײַן
חסרון“, עט, לידער.

איטע — פֿרויען־נאָמען. פּפֿ: איטקע, איטל.
אויך: י▯טע. < יהודית; < אידאַ, דײַטשער
פֿרויען־נאָמען. איטקע די בת־יחידקע. „אָט קומט
איטל מיטן היטל“, „איטע איז שטענדיק די
דריטע„, פֿול. „איט(ק)ע, איט(ק)ע, גיב מיר
טיט(ק)ע„ — אַן אופֿן פֿון יונגאַטשישן רייצן
זיך מיט אַ מיידל.

איטער — דער, ־ס. < ייִתּור, לאָקל (
בּוטשאַטש, גאַליציע). טרינקגעלט. געבּן דעם
קעלנער אַן א'.

איטערבּ▯יום — דער, ־ען. זעלטענער
מעטאַלישער, כעמישער עלעמענט; טרעפֿט זיך
אינאיינעם מיט איט▯.ום (←.). סימבּאָל b▯.
אַטאָמישע וואָג 173.04. אַטאָמישער נומ, 70.
־יש — אַדי. א'ע מעטאַלן.

איטעריטאָריע'ל — אַדי. וואָס איז ניט
טעריטאָריעל. „יעדע נאַציע...בּילדעט אַן א'ע
נאַציאָנאַלע...אַגודה„, בּרידער גאָרדין, אונדזערע
חבּורים, ווילנע 1912.

איטערירן

איטער□ירן — טרוו. ־ריר, איטערירט.
איבערחזרן, איבערזאָגן. א, אַ פֿאָרמל. ־ירט —
אַדי. אַן א'ער אינטעגראַל. ־אַטיוו — אַדי.
וואָס דינט אויף איבערצוחזרן. „אַן א'ער
סופֿיקס (טראָגט אַרײַן דעם ניואַנס פֿון
איבערחזרונג)“, נפֿ, ייִפֿאַ, 1939, 2. □
איטקע — די. מצ נבֿ. [בײַסיק =] □ □ □ >
□I□I□I]□i. אוקר. פּראָצענטגעלט, וואָכער. „אַן א'לע
איז זיס ווי צוקער. אַ גוראַלניע איז געווען גוט
אַמאָל„, בערג, בײַם דניעפּער I.
איטקע — פֿרויען־נאָמען. ← איטע.
איטר□יום — דער, ־ען. זעלטענער
מעטאַלישער, כעמישער עלעמענט, געפֿינט זיך אין
עטלעכע מינעראַלן. סימבאָל □־t, □־. אַטאָמישע
וואָג 88.92. אַטאָמישער נומ, 39. א'־ערד. ־יע
— אָקסיד פֿון איטריום. □()□ □., אַ שווערער,
ווײַסער אומצעלאָזלעכער פּודער. ־יש — אַדי.
איטשיהײַען זיך — אוטוו. ־הײַע זיך, זיך
איטשיהײַעט. a□נ1a□]□I□נ1□]□)l: □. >. לאָקל (
כאָצימסק, מאָהילעווער גובֿ,). זיך אויסציִען. א,
זיך בעטנדיק, ווײנענדיק.
איטשע — מענער־נאָמען. דזוו איצע. יצחק.

איטשעשייער — דער, ־ס. 1. מענער נאָמען. יצחק־מאיר. שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין פּוילן (לויטן נאָמען פֿון ערשטן גערער רבין, דעם חידושי הרי,,ם).

2. [אַרויסגערעדט...־מײַער] צונאָמען פֿאַר אַ פּוילישן ייִד (בײַ ליטווישע און רײַסישע ייִדן). צונאָמען פֿאַר אַ חסיד, אויך פֿאַר אַ שטאַרק פֿאַרפֿרימטן. ,,גייען זיי אַלע שבת...דאַווענען און בײַטאָג אין זאַקסישן גאָרטן נישט אַליין, מיט זייערע א'־מ'ס", שע, 'מאַריענבאַד'. ,,עס איז דאָ פֿאַראַן וואַרשעווער א'־מ'ס, וואָלסטו זען ווי זיי לעבן דאָס אַ טאָג,,, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1931.

א'־מ'־ה י ט ע ל ע. אַ היטעלע, וואָס די גערער חסידים האָבן געטראָגן, געמאַכט פֿון געוואַנט, מיט אַ קורצן און ווייכן דאַשיק. ,,אַ ייִד מיט אַ ברייטער באָרד און אַן א'־מ'־היטעלע", ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1931.

איטשקען — אוטוו. ־קע, געאיטשקעט. דזוו איקען, היקען, שלוקערצן.

איי — אינטעריעקציע. אויך: היי, עי, העי. געניצט בײַם צורופֿן, בײַם אָנווײַזן אויף עפּעס, בכלל אויף צו ווענדן דעם אויפֿמערק אויף

עפּעס וואָס מע באַמערקט ניט, מע זעט ניט.
„איי, ייִנגעלע, קום אַהער„. „איי, וואו
קריכסטו? זעסט ניט ס'אַ גרוב!“. „איי, ווער איז
דאָרטן?“ „איי, היי, לאָקשן דריי!„.
איי — דאָס (די), ־ער. פּקפּ: אייעלע, ־ך.
1 .ei :□d□M. רעפּראָדוציר־קעמערל פֿון אַ
פֿויגל אַ זי, איר אָוואום; באַפֿרוכפּערט פֿון
אַ פֿויגל אַן ער, אַנטוויקלט זיך פֿון דעם
אַ ניַי פֿייגעלע. אַן איי באַשטייט פֿון דעם
עמבריִאָן, אַרומגערינגלט מיט אַ געלכל און
וויַיסל (וואָס דינען ווי שפּיַיז פֿאַר דעם
עמבריִאָן), איַינגעשלאָסן אין אַ שאָלעכץ וואָס
איז האַרט אָדער האַרטלעך און קען זיַין
פֿאַרשיידן לויטן קאָליר, אָפּהענגיק פֿון דעם מין.

1()46

ל י י ג ן אַן א'. די הינער לייגן שוין א'ער.
אַ נעסט מיט דריַי א'עלעך. ז י צ ן אויף א'ער,
א ו י ס ב ר ִי ע ן (←., בּ4), א ו י ס ז י צ ן (←.,
בּ2), א ו י ס פֿ י ר ן (←., בּ9□) הינדעלעך. „וואָס
איז געווען פֿריִער: דאָס א, אָדער די הון?„
„...שטרויספֿויגל...לאָזט איבער צו דער ערד
אירע א'ער, און אין שטויב לאָזט זי זיי

אויסבּרִיען“, תּי, איובֿ, לט, 14.
א'ער פֿון הינער (אויך פֿון קאַטשקעס און
גענדז) — וויכטיקע שפּײַז פֿאַר מענטשן,
רויערהייט אָדער צוגעגרייט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים.
אָפּקאָכן אַ פּאָר א'ער. אַ פֿײַנקוכן (פּרעזשעניצע)
פֿון א'ער. אַ גאָגל־מאָגל פֿון צוויי א'ער.
געפּרעגלטע א'ער. אַ האַרט א'; אַ געדיכט א',
אַ ווייך, אַ לויז, שיטער א, פֿ ל ו י מ ע נ א י י
.
= געקאָכט אַ 3־4 מינוט, ווען דאָס געלכל
בלײַבט אַ ביסל פֿליסיק און דאָס ווײַסל איז
האַרטלעך. ר י ר א י י = וואָס מע צערירט
עס בײַם פּרעגלען. אויסטרינקען אַן א, =
אַרויסזויגן דורך אַ לעכל אין שאָלעכץ
רויערהייט. „צווייא ורישר אייר זי אויז זוף“,
בּבֿאבוך, 482. „קנעט אויס דעם קעז, שלאָגט
אויף די א'ער...מאַכט קראָקעטן, טונקט איבער
אין א, און אין בּרויטבּרעקלעך„, מישולאָוו,
ווענעט, קאָך־בוך, נ„י 1926. איי־אויפֿשלאָגער
= מכשיר אויפֿצושלאָגן ווײַסלעך פֿון א'ער
אָדער ווײַסלעך מיט געלכלעך אינאיינעם,
דאָרטן. „שבת אינדערפֿרי — רעטעך און פּעטשאַ,
לעבער און ציבעלעס מיט א'ער“, ממוס, שלמה.
געהאַקטע הערינג מיט אַן א'. אויסשלאָגן אַן

א, = פּר, צוגרייטן אַ מאכל פֿון אַן א'.
אונטערשלאָגן (מיט) אַן א, = אַרײַנגעבן אַן א,
אין יעדער מין שפּײַז. אויך: איבערשלאָגן
מיט אַן א'. א'ער־געבעקס. א'ער־מצה. א'
ערקוכן. „ווײַן־זופּע, דאָס איז מע קאָכט ווײַן
און מע שלאָגט אונטער מיט א'ער און צוקער,
אַז דאָס רובֿ איז ווײַן און דאָס האָט אַ
טעם פֿון ווײַן — מאַכט מען [די בּרכה בּורא
פּרי] הגפֿן“, ספֿר מקור הבּרכה, מונקאַטש
תּרנ„ה פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן בײַ וועלכע
— — „ .
א'ער רופֿן אַרויס...הויט־אויסשיטן“, פֿגעז,
פּאַריז 8 1949, No. אויסקלאָרן, אויסקלערן,
אויסקענדלען א'ער ← אויסקלאָרן, ב4.
פֿאַרוואַרפֿן מיט פֿאַרפֿוילטע א'ער.
א, איז אַ סימבאָל פֿון לעבן פֿון טויט פֿון
גורל, פֿון דעם אַז די וועלט איז אַ גלגל
החוזר. מע גיט דעם אָבֿל אַ האַרט א, (←.
אָבֿל־סעודה). פּסח בײַם סדר — האַרטע א'ער
מיט זאַלצוואַסער. געפֿאָרבענע א'ער אויף ל“ג
בּעומר. תּשעה־בּאָבֿ בײַם פֿאַרפֿאַסטן האָט מען
זיך נוהג געווען צו עסן א'ער. „וואָס האָט
דער פֿרומער ייִד געקענט עסן בײַם בּופֿעט פֿון

דער סטאַנציע? — נאַרעלע, ער האָט געגעסן
האַרטע א'ער,,, רייד. ,,און, מן פּפֿליגט [בײַ
דער סעודה נאָך דער חופּה] דז הון צו עשׂן
און, איין אייא. כּלומר ווי איין הון און
[= אָן] צער מטיל בּיצתה איז. אַזאַ זול אַך
זיא און צער מוליד זיין“, מנהגים...דורך דז
גאַנץ יאַר, ווינידיג ש,,ן [ווענעציע 1590 , ע/ב.
,,ווען איין בּלוטשׂ טראָפּפֿן אין איין אייא
איז, אַזו איז די גאַנצי אייא אָסור צו עשׂן“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796,

אײ

פּרק לח. ,,אַ ציבּעלע, אָדער אַ קנאָבל, אָדער אַן
א', אויבּ מע האָט פֿון זיי אָפּגעשיילט גאָר
זייערע שאָלעכץ, זאָל מען זיי ניט לאָזן
איבּערנעכטיקן“, דרך הישרים, [קעניגסבּערג] 1857.
,,מע מעג געבּן אַן א, אין דער כּלי וואָס מע
זײַט זענעפּט, וואָרעם מע פֿלעגט אַרײַנגיסן אַ
צעשלאָגן א, אין אַזעלכע זאַכן וואָס זענען
טריבּ און דורך דעם א, זענען זיי קלאָר
געוואָרן,,, איבּז, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818.
,,אַן א, וואָס איז געבּוירן געוואָרן אום
יומטובֿ — זאָגן די בּית־שמאי אַז עס מעג ווערן

געגעסן...און די בית־הלל זאָגן אַז עס טאָר
ניט ווערן געגעסן (אום יום־טובֿ),,, פּיעט,
ביצה, א, א. *אויסקײַקלען, אָפּקײַקלען מיט
אַן א, ← אויסקויקלען, ב2. ,,די שפּרעכערין
(צעשלאָגט די א'ער איבער זײַן קאָפּ און
זאָגט אַ שפּראָך): איך באַשווער אַלע מלאָכים
הקדושים...אַלע שדים, אַלע רוחות, אַלע
מכשפֿים...אַלע שלעכטע אַווירים, אַלע בייזע ערטער
(זי שטרײַכט אים אַרום מיטן ביינדל) קיין
צער, קיין פּלאָג, קיין קראַנקייט...זאָל ניט קומען
אויף דעם מענטשן,,, מ. דלוגאַטש, קמ, 1870,
No 25. אויסרײַבן די אויגן מיט אַ פֿריש־געלייגט
א, — אַ סגולה צו אַ גוטער ראִיה. האַרטע
א'ער, אַרײַנגעלייגט אין הינעריויך — אַ סגולה
פֿאַרן מאַנס פּרוכטיקייט.

אין שוו און פֿוול: ,,איבער אַן א, איז אַ
גאַנצע שטאָט (ירושלים, דער בית־המקדש) חרובֿ
געוואָרן,, = אַ קליינע סיבה קען ברענגען
אַ גרויס אומגליק [פֿרגל גיטין, נה/ב. אַתּרנגולא
.
ותּרנגולתּא חריבֿ טור מלכּא]. ,,מיט איין א,
קען מען אַ גאַנצע שיסל באָרשט פֿאַרווײַסן“
אויך: מיט אַ ביסל גוטס קען מען פֿאַרריכטן
אָ סך שלעכטס. ,,אַן אָפּגעשיילט(ע) א'(עלע)

קומט ניט גלײַך אין מויל (מײַלכעלע) אַרײַן„
= מע דאַרף זיך אָנשטרענגען עפּעס צו
דערגרייכן. „די א'ער ווילן זײַן קליגער ווי די הינער“
= די קינדער מיינען אַז זיי זײַנען קליגער
ווי די עלטערן; און ווי אַן ענטפֿער קומט
דער צוגאָב: „אָבער זיי ווערן באַלד
פֿאַרשטונקען“. „די בעסטע הון קען ניט
אויסזיצן צוויי הינדעלעך פֿון איין א'„. „אַז מע
גנבֿעט אַן א', האָט מען זיבן יאָר דלות„,
= גלייבעכץ. אויך: איבער אַ קלייניקייט וואָס
מע טוט מיט אומרעכט האַט מען שפּעטער אַ
סך צרות; און ווי אַן איר צוגאָב: „אַז מע
גנבֿעט אַ סך א'ער, קען מען אויך ווערן אַ
נגיד“ = אַ סך אומרעכט קען פֿירן צו
עשירות. „דלות, קאָך לאָקשן! — ניטאָ קיין
א'ער„. „טוט נאָר די הון אַ קריי — האָט
זי שוין אויסגעלייגט אַן א'„ = פֿאַראַן פֿאַלן
ווען רעזולטאַטן קומען אָן שווערקייטן. „אַז
מע לייגט אונטער איין א„ נעמט מען אַרויס
צוויי“ = פֿון א, קומט אַרויס אַ הון...;
ב: אַז מען אינוועסטירט, פֿאַרדינט מען. „מצות
און ווײַן מוזן זײַן, שמאַלץ און א'ער ניט
זייער“ = געבויט אויף דעם וואָס מע דאַרף
בײַם סדר; ב: מע דאַרף מאַכן אַ חילוק צווישן

ערשטיקע און צווייטיקע באַדערפֿענישן. „ווער עס עסט ניט קיין כריין באַקומט ניט קיין א'ער“ = אויך אויפֿן סמך פֿון סדר; בּ: ווער עס וויל ניט קיין ביטערס קריגט אויך ניט

איי

עפּעס גוטס. „נעכטן אַן א'עלע, הײַנט אַ פֿייגעלע„ — קינדער וואַקסן גיך אויס; אויך איבערגעדרייט: אָט געווען אַ פֿרײַע מיידל, איצט שוין אַ מאַמע פֿון אַ קינד. „זײַ ניט פֿויל, קיינער וועט דיר ניט לייגן געשיילטע א'עלעך אין מויל“. „די קאַץ זאָל לייגן א'ער, וואָלט זי געווען אַ הון„ = שפּאַסיק און אויך: כּדי זיך אויפֿצופֿירן אַנדערש, דאַרף מען בּטבֿע זײַן אַנדערש. „אַ קו איז איבּערן דאַך געפֿלויגן און האָט אַן א, פֿאַרלוירן“ = ס'איז אַ פֿאַנטאַזיע, אַ ליגן, ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן. „אַ קליין א, איז אויך אַ כּפּרה“ = א) איז אויך ווערט מער ווי מע מיינט; בּ) מע וויל אָפּקומען מיט אַ קלייניקייט.
*אומגיין (ווי) מיט אַ געפּלאַצט (ווייך, רוי) א, = זיך באַמיִען צו זײַן איידל, שטאַרק אָפּגעהיט. *דאגות אום אומגעלייגטע א'□ער

(טענדלאַו, 06) = פּוסטע דאגות. *אַן א,
אויף מאָרגן = ס'וועט אַרויסקומען פֿון
דעם שפּעטער, אומקלאָר ווען (אפֿשר קיינמאָל
ניט). *אַן א, אויף נעכטן = ס'איז אַן
איבעריקער אָדער אַ פֿאַרשפּעטיקטער ענין.
*אויף מאָרגן מיט אַן א, = א) אַן א, אויף
מאָרגן; ב) איר וועגן אַן ענין וואָס מע דאַרף
ניט אָפּלייגן. *אַן א, אויף מיטוואָך, אויף
אסרו־חג, אויף נאָכן שניי = איר, ניט קיין
אײַליקער ענין. *א'(ער) פֿון אונטער דער הון
— פֿריש, עכט, ניט געפֿעלשט. *ערשט פֿון

א, (זיך) אויסגעפּיקט, נאָר וואָס פֿון א,
אַרויס(געקראָכן) = נאָך יונג, אומגעניט. (האָבן
אַ האַפֿט ווי) אַן א ו י ס ג ע ב ל אָ ז ן א, =
אָן שום האַפֿט אָדער ווערט. ניט ווערט זײַן
קיין אויסגעבלאָזן א'. אונטערלייגן אַן א, און
וואַרטן אויף אַן עוף = טאָן עמעצן אַ טובֿהלע
און זיך ריכטן אויף אַ גרויסער טובֿה. *זיך
אַרומטראָגן מיט אַן א, = מיט אַן אידיי־פֿיקס.
*זיצן אויף אַן א', אויף א'ער = זײַן
אומבאַוועגלעך, קיין זאַך ניט טאָן. זיצן אויף
אַן א, מיט אַ גראָבן שאָלעכץ = לר, זײַן

רײַך און ניט געבן קיין צדקה. *לייגן (זיצן אויף) גאָלדענע א'ער = האָבן זייער אַ גוט געשעפֿט, מאַכן גרויסע רווחים. *לייגן אַן א, = אויך ווש מיט לייגן אַ ניי = עפּעס אויפֿנייען, אויפֿטאָן בײַ שנײַדערשער אַרבעט [,,האָסט שוין געלייגט אַן א'?“ — אָפֿטער פֿרעג פֿון מײַסטער צום געזעל]. ,,באָבע צוואָקלע, זײַ ניט קיין קוואָקלע — דו לייגסט ניט קיין א',, — א) באַקלאָג זיך ניט; ▯) חזר ניט איבער די זעלביקע רייד. ,,זײַ ניט קיין א, און לייג זיך ניט אין קאָשיק,, = שטופּ זיך ניט וואו מע פֿאַרבעט דיך ניט. *לייגן אַן א, = (אַקטיאָריש) פֿאַרפּלאָנטערן, פֿאַרקאָכן אַ קאַשע, קאַליע מאַכן. *אונטערלייגן אַן א, = אָפּטאָן אַ שפּיצל. *זיבן יאָר אַן א, געקאָכט = זייער לאַנג זיך געגרייט צו עפּעס (און פֿון דעם איז קיין זאַך ניט אַרויס).

פּפֿ: געל (ווײַס) ווי אַן א'. רונד, קײַלעכדיק ווי אַן א'. קליין ווי אַן א'. גליטשיק ווי אויף אַן א,. גיין ווי אויף א'ער = זיך היטן צו שטעלן אַ טראָט. ס'פּאַסט ווי אַן א, צו אַ ווײַן־זופּ (וולאָצלאַוועק) = ס'פּאַסט אויסגעצייכנט (שוסטערס וועגן גוט געמאַכטע שיך).

פֿלוימען ווי א'ער. אַ בּורליאַנט די גרייס ווי
אַן א'.

2. רעפּראָדוציר־קעמערל אויך פֿון אַנדערע
בעלי־חיים, פֿון רעפּטיליעס און פֿון אינסעקטן
אאַ, וואָס קומט אַרויס פֿון קערפּער פֿון דער
זי. 3. ספּעצ רויג, אייעלע פֿון פֿיש, אַ זי
[קומט אַרויס אין גרויסע צאָלן און ווערט
באַפֿרוכפּערט מיט דער מילך פֿון דעם ער].
4. רעפּראָדוציר־קעמערל פֿון דער פֿרוי. „יעדער
זי...האָט פֿון געבּוירן אָן אין איר א י י ע
רא
נאָכן געשלעכטלעכן צײַטיק ווערן, די א'ער
נ ע ס ט — אין איר דריז וואָס שטויסט שפּעטער,

אַרויס — אַ באַשטימטע צאָל שפּראָצלעך
פֿונוואַנעט עס אַנטוויקלען זיך די א'ער...ווען אַן
איי ווערט צײַטיק...וואַנדערט עס דורך אַן ענגן
קאַנאַל, דורך דעם א י י ע ר פֿ י ר ע ר אין דער
הייבּמוטער", ימ איבּז, ייִנגל און מיידל, ריגע
1929. ← אייערשטאָק.
5. טעסטיקל, געשלעכט־דריז בּײַ אַ מאַן
און בּכלל בּײַ אַן ער פֿון מילכזייגערס. בּיצה.

[דער נאָמען איז איבער דער פֿאָרעם וואָס

דערמאָנט אין אַן א]. א'ער־בײַטל. א'ער־זעקל.
אַ פּאָר אָקסענע א'ער. אַ טעם ווי אַ בין גיט
אַ שטאָך אין אַן א'. זיך אַרומטראָגן מיט
געשוואָלענע א'ער. „דער פּליך גלאַנצט בײַ
אים ווי בײַ אַ קאָטער די א'ער“, וואוילינגעריש.

איי — קאָנ. : M d. ← אי, אַרכ. 1. א י
יד ע ר. די שרײַבפֿאָרעם טרעפֿט זיך נאָר זן
אין דער אַלטער ליטעראַטור: „דער פּ„ה [=
פּרנס החודש] איז מחויבֿ דען קנס גובֿה צו

זײַן איי זײַן חודש אויז איז“, תּקק. ב
פֿאַרטײַטשט 'טרם, — איי. „מן וואַרט ביז
קען נאַכט אי מן ברכו זאָגט, און, איי מן
והוא רחום אַן איבט זאָגט מן לדוד ברוך און,
למנצח בנגינות“, ספֿר מנהגים, אמשט 1723,
ב/א. טרעפֿט זיך אָפֿט סוף 18. י„ה און אין
ערשטער העלפֿט 19., זן אין דער צווייטער
העלפֿט 19. י“ה. געבליבן אין ריידשפּראַך פֿון
מג אָנהייב 20. י„ה פֿריר איי דער בחור איז

„ .
אַוועק, איז געגאַנגען די קיסדתּי און האָט
גערופֿן איר טאָכטער„, נחבֿ, מעשׂה מבערגיר
והעני'.. „איי מע קוקט זיך אום, באַווײַזן זיך

די פֿאַלשע ליפּן,„ מס, משלי תּקע,„ד, יבֿ, 19.
„זי זאָל עס דעם פּריץ...אָפּגעבן, נאָך עה ער
וועט זעהן אַז עס פֿעהלט אים אַ בּוך“, יפּ.
כאַראַקטעריסטיש בּײַם איבּערדרוקן אַלטע
ספֿרים, אין פֿרומער ליטעראַטור. „איי דו הערסט
דעם חלום, זאָגסטו שוין אַז דו קענסט אים
פּותר זײַן,„ שארית י□tראל, ח,„ש מספֿר יוסיפֿון,
לעמבּערג (?). “און די בּחורים זאָגן: מיר
ווילן זיך נוקם זײַן פֿריר פֿון די נוצרים, איי
מיר ווילן אומקומען אויף קידוש־השם“, שי
(אָרט? יאָר?), לבֿ/ב. „און דאָס [אַוועקשטעלן
קאַלטע יויך אום שבּת אויפֿן אויוון] איז אויך
נישט מותּר, רק אַז דער גוי זאָל דאָס שטעלן,
איי מען הייצט אײַן“, ספֿר שלחן ערוך, ח“ר,
זשאָלקעוו? אָנהייבּ 19. י,„ה? „דער בּית־המקדש
איז וואָרן פֿריִער בּאַשאַפֿן איי די וועלט?“,
צור, בּראשית. „פֿון דיר ווערט איטלעכער סוד
אַנ[ט]דעקט, איי עט קומט נאָך אַרויף אויף דעם
האַרצן,„ שיר היחוד ליום השלישי, פּפֿדמ

אײַ

1885, ז, 8. „פֿרום האָבּ איך בּעסער ליבּ
ווי קלוג. און איי פֿרום און איי קלוג, האָבּ

איך בעסער ליבּ גוט,,, א. שפּערלינג, ליקוטים II,
לעמבּערג תּרס״ט. 2. ליבּער, בּעסער. ,,אַך גאָט
ווי זעלין מיר פֿון אַזו איין קהילה קדושה
אבּ שיידן. אַך גאָט לאשׂ אונשׂ זיצן מיר
וועלן איי דע הונגר נוטליידן, מיר וועלן איי
אונזר בּרוט פֿאַר דינן מיט שווערן בּיטרן
מיא״, 'ניַ קלאָג ליד פֿון חורבּן ק,,ק וורמיישא',
אַמשט 1723 [פֿש III].
ײַ — אויסרופֿוואָרט. בּאַראַקטעריסטישער
אויסרוף מיט אַלע בּבּ פֿון אוי (←). צום בּ1:
,,איַ, טוט עס וויי!,, צום בּ2: ,,איַ, בּין איו
אַ פֿאַרלאָרענער!,, צום בּ3: ,,איַ, די ציַט,
די ציַט גייט מיר אין ניוועץ!״, רייד. צום
בּ4: ,,ס'ריַסט דאָס האַרץ, איַ, ווילט זיך אים
העלפֿן,,, רייד. צום בּ5: ,,איַ, וואו נעמט מען
די אַמאָליקע כּוחות!,,, רייד. צום בּ6: ,,איַ,
ס'אי שרעקלעך!״ צום בּ7: ,,איַ, האָט ער
געדאַוונט!״, רייד. ,,איַ, דער רבּי, דער רבּי!״
צום בּ8: ,,איַ, קינדעלע מיַנס, בּיסטו מיר
טיַער!,,. צום בּ9: ,,איַ ניין און נאָכאַמאָל
ניין!״, רייד. צום בּ1o: ,,איַ ווילט זיך מיר!״,
״איַ, אַ וואַל, אַ וואַל!,,, רייד.
11 פֿאַרבּיַט די קאָניונקציעס: א ו ן,
.

א ו י בּ, בּ א ם [חיריק אונטערן א], ו ו ע ן, ה ג ם, א ל א. פֿירט אַרײַן אין אַ זאַץ אַנשטאָט ד אָ ס. „אײַ וואָס דו זאָגסט אַז ער וויל ניט...“, רייד. „האָט ער עס געטאָן — איז דאָך אַוודאי גוט, אײַ ניט — בּין איך אויך ניט בּדלות„, רייד. „אײַ זי וועט זיך אַ בּיסל בּייזערן, וועט זי זיך איבּערבּייזערן“, ש. בּ[יקסאָן], די רײַזע אין אַפֿריקאַ, ווילנע 1898. „אײַ וואָס פֿאַר אַ גאולה וועט זײַן אַז מע וועט ניט טאָן תּשובֿה?„, ירמי, יוסף יאַקאָבּזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. „...אַן ערלעכער ייִד. אײַ וואָס ער איז אַזוי קאַרג — איז דאָס בּײַ אים אַזאַ [חלאת]“, אַר, 'אַמאָליגע מענטשן„. „אײַ וויא איין גרושׂי תּורה איז אין דיר, אונ, דוא בּישׂט זוא גאַר העסליך„, מבּ, מעשׂה כב. כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן רייד־סטיל בּײַם לערנען: „אײַ וואָס דו וועסט זאָגן אַז...„. „אײַ וואָס האָסטו געפֿרעגט...אַז די משנה שמועסט נאָר פֿון מציאה, צוּוואָס שטייט צוויי טענות בּײַ איין זאַך, ענטפֿערט די גמרא...„, שבֿילי המלמדים, בּבֿא מציעא, וואַרשע 1865, ד/א. אין דעם סטיל אויך: „אײַ פֿון איין שטאָט בּיז דער צווייטער פּגרט בּײַ אים דאָס פֿערדל, איז אויך נישט קיין דאגה„, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע.

12. לאָקל. וורר (ליאָזנע אאַ) פֿאַרבײַט צ י, אָ ד ע ר. „הערסט אײַ ניין?„ „וועסט גיין איַי ניין?„..

13. קומט פֿאַר אַ סובֿ, ספּעצ צוזאַמען מיט אַ ווענדונג כּדי זי בּולטער אַרויסצוהייבֿן. „איַי דו, נאַר איינער!“ „אײַ זשע הולטײַ, ניט טשאַטעווע אַלץ אויף דער דירה פֿון אַן ערלעכן„, מס, משלי תּקע„ד, פּד, 15. „אײַ יאָרן, יאָרן, וואוהין זײַט איר פֿאַרפֿאָרן!“, ט.

קאַמינסקי, אַ בּיאַגראַפֿיע פֿון אַ יIראל־קלען, קיִעוו 1913. „אײַ שוטים, אײַ טיפּשים, איז דען די וועלט הפֿקר־פֿרײַ, האָט זי דען קיין

איײאָיואַ

בּעל־הבּית?“, הרבֿ הלל ליכטנשטיין, עת לעשות, לבֿובֿ 1873. “אײַא מענש, וויא...טרויארט גזלן, דוא ווייש̂ט דאש̂ וואול...“ א

, מבֿ, מעשׂה

די נשמה בּײַא דיר“ tה, כג/ד. „אײַ דוא

,

סו. אויך טובֿ. „דער אײַ איז דאָ איבּעריק“,

רייד.
אײַאָוואַ — גנ. שטאַט אין צפֿון פֿון צענטראַלן טייל פֿון די פֿ"ש. שפּילט גרויסע ראָלע אין דער אַגריקולטור, ספּעצ אין גערעטעניש פֿון פּאַפּשוי (אינדיאַנער קאָרן). צאָל ייִדן אין 1965 אַן ערך 10,000; די גרעסטע קהילות אין דעמאָינס (□ 3'00) און אין סיו־סיטי (2,000).
אײַ־אָ־יו — אַמ. ou□ e:□ י1 o = .□ו.1.O: □. <.
געוויינלעך מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל אָדער פּאָסעסיוון פּראָנאָם. 1. די סומע וואָס דער בעל־חובֿ איז שולדיק. 2. התחייבֿות־צעטל. „דו האָסט ניט קיין אײַ־אָ־יו אדן דו קענסט קיין זאַך ניט מאָנען„, רייד.
אײַ־אײַ — [ביידע טראַפֿן אַקצענטירט; דער ערשטער טראַף קען זײַן צעצויגענער ווי דער צווייטער; דער צווייטער טראַף קען זײַן שטאַרקער אַקצענטירט.] ← אוי־אוי. דזוו אײַ, אויסרופֿוואָרט, נאָר עמפֿאַטישער. אײַ־אײַ, טוט עס וויי! „אײַ־אײַ ברידער, זענען מיר דאָס אַ ביסל רודפֿי־כּבֿוד„, יודישעך פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881. „זיי האָבן...אַרויסגענומען פֿאַרפּאַקטע אתרוגים,
...
זיי באַקוקט...און געשמאָטשקעט מיט התפּעלות: אײַ, אַ הדר! אײַ, אײַ, אַ הדרל!„, שמעון

האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'. אויך סובֿ. „זײַן אײַ־אײַ איז ווערט געלט„, רייד. ־איש — אַדי. „ס'איז אַן אײַ־אײַאישער ווייטיק, אָבֿער איך שווײַג„, רייד (קינד פֿון 6 יאָר) ־אישדיק — נעאָל.

.

„דײַן אײַ־אײַאישדיקער צונג־קריצל“, ירחמיאל צוקערמאַן. ־(ע)דיק — אַדי. — „ווי גייט עס אײַך? — ניט אַזוי אײַ־אײַעדיק“, רייד. „קען מען מיט פֿלייש וואָס איז אפֿשר נישט אַזוי אײַ־אײַדיק אונדז אויך נישט אָפּשרעקן“, בלום [ייִשפּ 2 ,I X].

אײַ־אײַ־אײַ — [אַלע טראַפֿן אַקצענטירט; דער ערשטער טראַף קען זײַן צעצויגענער ווי די איבֿעריקע; דער צווייטער טראַף איז דער שוואַכסטער; דער דריטער קען זײַן שטאַרקער אַקצענטירט ווי די איבֿעריקע.] ← אוי־אוי־אוי. דזוו אײַ, אויסרופֿוואָרט, נאָר אַזוי ווי אין סופּערלאַטיוו. „־.—. וואָס מאַכט איר? ווי פֿילט איר זיך? — לעצטנס ניט אַזוי אײַ־אײַ־אײַ“, רייד. *ניט קיין אײַ־אײַ־אײַ = ניט קיין אויסערגעוויינלעכס. „גייט ער אים אַרײַן טיפֿער מיטן טשוואָק. משה־יאָסי מאַכט: אײַ־אײַ־אײַ!„, ממוס, ווינטשפּ. „איר מיינט אין־דער־אמתן אַז ער איז אַן אײַ־אײַ־אײַ“, יד, הנאהבֿים.... „איר

שנור, זאָגט זי, איז אַפֿילו ניט קיין אײַ־אײַ־איַי
(איך מיין אויך אַזוי)“, שע, מאָטל. „די שׂכירות
זײַנען ניט געווען אַזוי אײַ־אײַ־איַי“, ש. וויגאָדאַ,
פֿאָר, 28 1962 IX. ־עדיק — אַדי.

איי□בּי־סי, — דער (די), ־ס. אַמ. (

אַרויסגערעדט אויפֿן ענגלישן שטייגער) □)AB: □. <.
1. ענגלישער (אָדער בכלל ניט־ייִדישער) אַ־
בּעצע', אַלף־בּית. 2. עיקרים פֿון אַ פֿאַך, אַ

1()43

וויסנשאַפֿט. „קענסט אַפֿילו ניט דעם איי־בּי־סי
ווי צו ריידן מיט אַ קאָסטאָמער„, רייד.
ייִבּיק — אדי. □i□י□: □ □1 .M. וואָס איז
אָן אַ גרענעץ אין צײַט; וואַס איז איבּער צײַט;
וואָס איז דער היפּוך פֿון דעם וואָס איז
צײַטלעך. „גאָט איז איבּער צײַט, גאָט איז א',„
חה. דער וואָס לעבּט א, = גאָט. „ס'איז
אַלץ פֿון דעם וואָס לעבּט א'“, רייד. „איך האָף
צו דעם וואָס לעבּט א', אַז מיר ועלן...„, רייד.
„מײַן אוממאַכט שרײַט פֿון מיר אַרויס צו דיר,
וואָס א, בּיסט און מעכטיק„, הל. “גאָט...צו
א'ע צײַטן וועט ער קיניגן„, מחזוך לראש־השנה,

סלאַוויטע 1832, ל/ב. „ער שפּרייט אויס זײַנע הענט: גאָט, נעם אויף די וועלט אין דײַן א'ן חסד אַרײַן„, אַש, תּהילים־ייִד. „ווען דער ייִד ...איז מדריך די קינדער אַז זיי זאָלן מקיים זײַן די תּורה ומצוות, איז מען אַ נצחי, אַן א'ער“, לדב, מאמר שמע“צ, נ„י ת“ש. „ווארום זאָל דען דער מענש דאז צײַטליכי פֿאַר דאז איבּיגי פֿאַר קאַפֿין“, גה, 19. „פֿון ווינט האָט ער מיך אויסגעשפּונען, פֿון לעבּעדיקן אָטעם זײַנעם...צו דרייען א', א, אין זײַן גרויסן גנאָד פֿון זײַן פֿלאַם־פֿײַערדיקן רײַטוואָגן די ראָד„, מל, 'אין זײַן גנאָד'. דאָס א'ע ל ע בּ ן = דער עולם־האמת, דאָס לעבּן נאָכן טויט, דאָס לעבּן אין גן־עדן. „איר פֿרומא לײַט קומט הער. און, קויפֿט מײַנה אונטר ווײַזונג און, לער. דז איז אַזו גוט און, עבּין. און, בּרינגט דען מענשן צו איבּיגן לעבּן„, בּראַנט, שערבּלאַט. „דיזי וועלט און אַך דז איבּגי לעבּן“,

,

לט1, שער־בּלאַט. “דער מענש...זאָל (זוכה) זײַן צום גוטם לעבּן אויף דיזר וועלט און, צו דעם איבּיגן לעבּן אויף יענר וועלט“, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק„ח, א/ב. tבּ פֿאַרטײַטשט 'גן עדן, — „אייבּיק לעבּן“. דז — א'ע

וועלט. אַריבּערקומען אין דער א'ער וועלט.
א'ער ו (נאַכט) = טויט. רוען אין דער
א'ער רו. גיין אין א'ן וועג אַרײַן = שטאַרבּן.
זיך ריכטן אין א'ן וועג אַרײַן. "...די בּשׂורה
רעה בּיקומין דאשׂ ער דאשׂ צײַטליכי גיזעגניט
און, אין דאשׂ איבּיגי גאַנגין איזט", נה, 309.
א'ער שלאָף = טויט. אײַנשלאָפֿן מיטן א'ן
שלאָף. *פֿאַרפֿאַלן פֿון בּיידע וועלטן אויף א,
= פֿאַרלירן די,־וועלט און יענע־וועלט.
2. וואָס איז בּאַשטענדיק, (אויף) אַלעמאָל.
א, פֿײַער. חלום וועגן א'ן שלום. א'ע
האָפֿענונג. א'ע מורא. א'ע שׂנאה, א'ע ליבשאַפֿט.
שווערן א'ע טרײַשאַפֿט, ליבּע. „מע זאָל א,
דעם לויבּן וואָס זיצט אויבּן,,; „דאָס גוטע און
דאָס שלעכטע איז ניט אויף א',,; „א, לעבּט
מען ניט,,; „אַ נאַר איז אַן א'ער צער"; „משה
רבּינוס תּורה און ווײַבּערישע קנאה־שׂנאה וועלן
א, דויערן,,, שוו. לעבּט א, אין פֿריידן! בּt
פֿאַרטײַטשט 'לעולם, — „אייבּיג". 'אות היא
לעולם — „אַ צייכן אויף א,"; 'וארשתּיך
לעולם, — „און איך האָבּ דיך פֿאַרקנסט אויף
א',,. „...גלײַך אַלז איר איבּיג זעלט לעבּן,,,
ה, כג/ב. „אומגעמערקט גייען זיי אונטער

אויף א, ['לנצח]", תּי, איובֿ, ד, 20. „און, איבּיג זאָל דיא פֿרויא טראַכטן דשׂ זיא זאָל אַרבּטן אין איר הויז און, זאָל ניט לידיג גין",

איײבּיק

מהמ, קמח/א. "א, זאָל אַ מענטש פֿאַרקויפֿן וואָס ער האָט און זאָל געבּן זײַן טאָכטער אַ תּלמיד־חכם און זאָל נעמען אַ בּת־תּלמיד־חכם", מכיר, ספֿר אַבֿקת רוכל, לעמבּערג 1850. „אין אורגעדיכט בּיסטו פֿאַריאושטער, פֿאַרקראָכן, /

,

אַרום איז א, נאַכט און א, אינדערוואָכן„, חג, שײַן פֿון...שטערן. „איך זאָל ניט בּלײַבּן א, אומגעבּאָרן", סוצ, ייִדישע גאַס. דאָס (דער) א'ע(ר) אָ ר ט = בּית־עולם. „פּוסט ווערט און וויסט אויפֿן א'ן אָרט...עס בּלײַבּט נאָר דער קבֿר דער פֿרישער אַליין", אַל III, 'דער קבֿר'. די א'ע ד י ר ה = קבֿר. „מיט גרויס כּבֿוד האָבּן זיי אים מלווה געווען בּיז זײַן א'ער דירה„, גח"ל, די צוואה, אַדעס 1884. „דער הערבּסט איז דער א'ער קבֿר פֿון זומער„, סעג, אין קאַזמערזש. א'ע ק ל י י ד ע ר (מלבּושים) = תּכריכים. "אויבּ דו האָסט עטלעכע גילדן,

מאַך זיך בעסער צורעכט די א'ע קליידער,,,
ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. ,,זײַן
העמדעלע איז געווען געצוויקלט מיט דעם יתור
פֿון דעם זיידנס א'ע קליידער“, דער לאַנד חכם,
נ,,י 4 1894, No. 'לעולם ועד, ווערט געוויינלעך
פֿאַרטײַטשט: אויף א, און א'. ,,לעולם יהא
אָדם — איי, ביק! זײַ אַ מענטש!“ [ווש: א,
□ איי, ביק].
3. וואָס בײַט זיך ניט אין לויף פֿון צײַט;
וואָס צײַט האָט אויף דעם קיין השפּעה ניט.
אַ שבֿועה אויף א'. ,,ניטאָ קיין א'ע זאַך אויף
דער וועלט□, שוו. ,,בײַ אַ קאַרגן איז א, זײַן
יום־טובֿדיקער מלבוש,,, שוו [ווײַל ער טוט אים
קיינמאָל ניט אָן]. א'ע ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. דאָס
א'־ו ו ײַ ב ל ע כ ע = דאָס צאַרטע, דאָס
צוציִענדיקע פֿון דער פֿרוי. ,,ס'ציט זיי...צו די
הויכע, צו די ווײַטע, א'־ווײַבלעכע געשטאַלטן
...צו דער געטלעכער העלענע“, צײַט, 'שאָטנס
אויפֿן שניי'. אַן א'ע ט ע מ ע □ א'ער ייִ ד ←
אַהאַספֿער. א'ע ע ג ו נ ה = וואָס מע קען
קיינמאָל ניט מתּיר מאַכן חתונה צו האָבן.
,,איך וויל דיר געבן גט,...איך וויל ניט אַז דו
זאָלסט בלײַבן אַן א'ע עגונה,,, ש. ב., די גוטע

פֿרויא, ווילנע, יאָר? א'ע פֿ ע ד ע ר = וואָס
מע דאַרף ניט טונקען אין טינט; קוואַלפּען.
א'ע פֿרײַנדשאַפֿט. „דאָס לשון פֿון אמת האָט
אַ קיום אויף א'„, מס, משלי תּקע„ד, יב, 19.
„אַמאָל פֿאַרוואַנדלט זיך דאָס גוטע אין שלעכטס
און אַמאָל פֿאַרקערט. דאָס שיינע איז א'„,
שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II. „די
קליפּות פֿאַרשווינדן...דו דערפֿילסט אין זיך דעם
א'ן רצון, די אייגענע נשמה“, אַפּאַ, פּוילישע
וועלדער. „עס זענען אין א'ס פֿאַרוואַנדלט די
גלידער„, סוצ, געהיימשטאָט. א, ק ע ס ט ק י נ ד
= ווערט אויסגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן (
איידעם אָדער אייגן קינד). א'ער ק נ ע כ ט =
במשך פֿון דעם גאַנצענעם לעבן, דזוו עבֿד כּנעני
(←). „דער פּועל בײַ דעם בעל־הבּית איז...
ניט קיין א□ער קנעכט, נאָר ווען ער וויל...
גייט ער אַוועק“, שבילי המלמדים, בּבֿא מציעא,
וואַרשע 1865, ו/ב.
4. וואָס האָט געדויערט (וועט געדויערן) זייער
אַ לאַנגע צײַט פֿאַרזאָרגן זיך אויף א'. בּלײַבן

.

גליקלעך אויף א'. א, זײַן בּרוגז. „האָט אים

אייבּיק־גרין

זעלין געבן...איבג דירה [= ניט קיין קבֿר, נאָר דירה ממש] אונ, איין מקום בּ,,ה [= ביתהכּנס]", פּראָגבּ, 6. ,,איז ניט געמיינט דאָס זי [די זינדיקע נשמה] א, אין גיהנום בּלײַבּן, נײַערט...זי מוז פּיל לענגער דרינען בּלײַבּן אַלס איין יאָר, ווען זי שטערבּן אָן תּשובֿה,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ,,מע מעג צוקניפּן אום שבּת, אָבּער מע טאָר קיין שטאַרקן קנופּ ניט מאַכן, ער זאָל זײַן או ף א',,, איבּז, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818. ,,פֿון א'ע י אָ ר ן בּיז אויף הײַנטיקן טאָג דולט זיך אַ גאַנצע וועלט מענטשן דעם קאָפּ...אַלץ מכּוח ייִדן", ממוס, אַ סגולה.... ,,א, קען מען דאָך ניט רעווען נאָך אַ טויטן", מלה, די גאָלדענע פּאַווע.

אייבּיק־גרין — אַדי. 1. וואָס איז בּאַשטענדיק גרין. די א'־ג'ע יוגנט. 2. (בּאָטאַניק) וואָס די בּלעטער פֿון געוויקס פֿאַרבּלײַבּן בּאַשטענדיק גרין. די א'־ג'ע לאָרבּערן. א'־ג'ע בּיימער אין די טראָפּישע לענדער. אויך: א'־ג'ע נאָדלבּיימער, אַזוי ווי די סאָסנע. געניצט אויך סובּ, דער א'־ג'.

אייבּיקגרין — דער (דאָס), ־ען. (בּאָטאַניק)

אַלגעמיינער נאָמען פֿאַר אַ
פֿאַרצווײַגטער משפּחה ווילדע
געוויקסן אין בלעטערוואַלד
(אין פֿאַרשיידענע קלימאַטן).
לרובֿ מיט קריכיקן שטענגל,
בלויער בליאונג און
אייביקגרינע בלעטער. O(lera]
.v nCa

אייביקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט אָדער
מצבֿ פֿון זײַן אייביק (אַלע בבֿ).
אומענדלעכקייט אין צײַט. זייער לאַנגער צײַטאָפּשניט.
אַרײַן אין דער א'. „דאז איזט דיא איביגקייט,
דאז קיין מאָס נאָך ציל אודיר פֿאַר גאַנג
האָט„, גה, 127. „העט עשׂ אים אפֿשר אין
איביגקייט [= קיינמאָל] ניט פֿאַר געסין“, גה,
148. „גרעסערע אומות זענען אַלע פֿאַרלוירן
געוואָרן, און איר ייִדן עקסיסטירט אין דער
א'“, שארית יIראל, ח"ש מספּר יוסיפּון,
לעמבערג, יאָר? “אַ טראָפּן פֿאַרגעניגן דאַכט זיך
אים אַ ים, אַ שעה עולם־הזה — אַ יאָר, אַ
יום־טובֿ — אַן א'“, ממוס, שלמה. גוזמא:
עס פֿאַרגייט אַ גאַנצע א'. “כ'האָב פֿון דײַן

לייַב אַרויסגעצויגן די פּאַרפֿומען, איז מיר אַ
העלע א, אין זעל געזונקען,,, יהואָש, ,אייביק'.
,,דער קרבן זעט חלומות...פֿון א, חלומות...
פֿון א, אַן אָטעם,,, הל, אין טרעבלינקע.... ,,נעם
דאָס ספֿרל [= דעם תנך], טראָג ווײַטער, ביז
אין א, דערטראָג“, סוצ, ייִדישע גאַס. *פֿאַרגיין
אין (דער) א'; אַוועק אין דער א'; זיך
באַהעפֿטן מיט דער א, = (איידל, דערהויבן)
שטאַרבן. א, פֿיג פֿאַר טויט, נאַטור, גאָט.

.

,,ביידע טירלעך פֿונעם אָרון, ווי די טויערן
וואָס פֿירן אין דער א, אַרײַן“, דא, גש I.
,,ועשׂט זײַן אַליין נאָך אונטר גאַנג אַליר
בשעפֿנש צו אייביקייט“, תחנות ובקשות,
דיהרנפֿורט 1798. “די שטומע א, האָט מיר אַ
וואונק געטאָן און באַלד אַוועקגעפֿירט אין מיטן

1()49

וואַלד,,, סעג, שטילע טרוימען, וואַרשע 1909.
,,כ'וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מײַן
אָרעם און דאָרטן וועט קומען די א, וואוינען“,
סוצ פֿעסטונג. אין מצ: ,,טראָגט דער ייִד אין

,

אַלע צײַטן...אַלץ די שולד אין א'ן,,, אַל III.
,,דעם הימלס קאַלטע א'ן,,, יהואָש, ,בײַם
טויער פֿון לעבן'. ,,דאָס זײַן אַ ייִד הייסט א'ן
מאָנען און דערמאָנען,,, בראָד, אויסגעקליבענע
שריפֿטן. איר: ,,געקענט אויסזיצן אירע פֿיר
א'ן אין געשטאַלט פֿון אַקטן,,, נאַד. פּרץ, '
אַקדמות', פֿאַרטײַטשט ,לעולם ועד, — ,,אויף
אייביק א',,.

אייביקלעך — אַדי. □)ieli□י□ : □ □M.
אַרכ. דזוו אייביק. ,,איך בין ברם הערציג,
שפּריכט גאָט, אונ, וויל ניט איביגליך ['לעולם']
צירנן,,, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602,
ג, 12. ,,אונ, ער האטש בישטעטיגט צו יעקבֿ
פֿר איין גיזעץ, אונ, צו ישׂראל צו איין

איבגליכן ברית ['ברית עולם□],,, סהמ, תּהלים, קה,
10. ,,טוט אונש המקום ב''ה אַליש גוטיש,
וואור פֿיר מיר אים אימיר איביקליך ד[אַ]נקין'',
גה, 94. מלל פֿאַרטײַטשט 'לעילום, (דבֿרי־הימים
ב, לג, 7): ,,עוויגליך'' [תּי: ,,אויף אייביק''].
,,עהר דײַן פֿאטר און מוטר גאַר פֿלײַסיגליך,
דא ווערשׂט דו זוכה זײַן צו לעבן אייביגליך'',

יענטע בת יצחק, ע□Iרת הדברות ביכל [
וואַכשטיין־בוך]. ,,ידבר לן — ער וועט פֿירין צו

אונז, עלמין — אייביגליך...,,, סדר אַקדמות
מיט עבֿרי־טײַטש, לעמבערג? אָנהייב 19. י״ה.
אייביקן — אוטוו. אייביק, געאייביקט. נעאָל.
זײַן, געדויערן אייביק. ,,יונגע זון וואָס
אייביקט נײַ־געבאָרן קײַקלט זיך אין שניי מיט
מיר באַנאַנד״, מוצ, סיביר. ,,...צו זינגען די
שירה וואָס אייביקט אין שטערן״, אַלף כּץ,
צוק, מײַ 1956. ,,די בלעטער...זײַנען זיכער
אַז זיי א, אין גאָט,,, מ. ז. טקאַטש ־ונג

.

— די. נעאָל. ,,אַלע פֿאַרקערטקייטן ווילן זיך
אויפֿדעקן: רייניקונג, אייניקונג, א, ווילן זיי״,
צײַט, גל 1925 ,II.
אייביש — דער, ־ן. (באָטאַניק) 1. כינעזישע
רויז, וואַקסט אין כינע און
מזרח־אינדיע. באַליבטע
באַצירונג־פֿלאַנץ אין יענע
לענדער. דער וואָרצל, די
בלעטער און די בליאונג
ווערן פֿאַראַרבעט אין אַזיע
פֿאַר אַ שוואַרצער פֿאַרב
צו די האָר און די שיך.
2 .[biseus. קרײַטעך
ון דער אַלטער וועלט מיט

אַן ערך 10 אונטערמינים. וואָר
צל און בלעטער ווערן גענוצט
אין פאַרמאַצעווטיק צו
פאַרשיידענע היילצוועקן. א'־ט י י —
פון געטריקנטע בלעטער פון
א'. ,,ווען דאָס הוסטן איז
שטאַרק, זאָל מען נעמען...א'־
טיי און זיסהאָלץ־וואָרצל... דאָס
צוקאָכן,,, א. י. שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבערג
תרס,,ט. Al] aea O ieinalis.

אייבער.־

-

אייבישבוים — דער, ־ביימער פויגל־.
. אויך:
בדיס. (באָטאַניק) דזוו ר(י)אַבינע. מיטל־הויכער
בוים אָדער קוסט פון דער רויזן־משפּחה מיט
אַ קײַלעכדיקער, קליינער פרוכט וואָס זעט אויס
ווי אַ רויטע אָדער פורפלנע יאַגדע. וואַקסט אין
אייראָפּע, צפון אַזיע און צפון אַמעריקע. די
- -
פרוכט איז אַ שפּײַז פאַר פאַרשיידענע פייגל,

ספּעצ פֿאַרן דראָסל (דעריבער אויך: דראָסל־
יאַגדעס). aria [orbus aueu .
אייבל — ← אויבל.
אייבנבוים — דער, ־ביימער. (באָטאַניק)
נאָדלבוים פֿון צפֿונדיקן
קלימאַט, מיט פֿלאַכע זײַטן און
אייביק־גרינע נאָדלען. פֿון
האָלץ פֿון א, מאַכט מען
לוקסוס־מעבל און דער א, איז
דערפֿאַר כמעט ווי געוואָרן
אויסגעראָטן. ווערט אויך
קולטיווירט אין אַלע קלימאַטן
ווי אַ דעקאָראַטיוו געוויקס.
(baceata) u a [,. צווײַג מיט שישקעס ←
בילדל.
איַיבעטשע — פֿראַזע, זוו. אמ. אויך:
אַבעטשע. 1 ou bet: ־ <. איך וועט זיך
מיט דיר (אײַך); איך פֿאַרזיכער אײַך.
אייבעכעדל — דאָס, ־עך. בעכערל, גלעזל,
ספּעציעל צו האַלטן אַ געקאָכט איי בײַם עסן.
אייבעלע — דאָס, ־ך. פֿקפֿ פֿון אויבל (←).
אייבער־ — פּרעפֿיקס. ober : d M. קומט
אין סובסטאַנטיוון און אויך אין אַ צאָל

אַדיעקטיוון, געשאַפֿן פֿון סובסטאַנטיוון מיט דעם
פּרעפֿיקס. 1. ווײַזט אויף עפּעס וואָס איז
ה ע כ ע ר, להיפּוך צו דעם וואָס איז
נידעריקער און שאַפֿט אַ פּאָרל מיט דעם
אַקעגנדיקן א ו נ ט ע ר ־: אייבערליפּ (אונטערליפּ),
אייבערקלייד (אונטערקלייד), אייבעראַרבל (
אונטעראַרבל), אייבערערדיק (אונטערערדיק) אאַזוו.
2. ווײַזט אויף דער העכסטער אָדער הויכער
מדרגה אין דער אייגנשאַפֿט פֿון סובסטאַנטיוו.
וואָס איז אַ גאָר גרויסער. אייבערנאַר,
אייבערחכם, אייבערטיפּש. אייבעראַפֿעריסט,
אייבערשווינדלער. 3. ווײַזט אויף אַ טייל פֿון אַ
זאַך, אַ גרופּע, אַ שטח וואָס איז איבער, איז
העכער ווי די אַנדערע טיילן. אייבערשטיבל,
אייבערדעק, אייבערגאָרן. 4. ווײַזט אויף
דער העכסטער אָדער העכערער אינסטאַנץ.
אייבערראָט, אייבערגעריכט, אייבערפּאַלאַטע.
5. ברענגט אַ נײַעם באַטײַט לויט אַסאָציאַציעס
וואָס בינדן זיך מיט די בבֿ פֿון פּרעפּ א
יבֿ ע ר. אייבערמענטש, אייבערהערשאַפֿט.
6. אין גנ צו ווײַזן אַז עס איז דער
העכערער טייל פֿון לאַנד אָדער געגנט. קען ווײַזן
אויד אויפֿן צפֿונדיקן טייל פֿון אַ לאַנד אָדער
געגנט. א׳־מצרים. א׳־בײַערן. א׳־העסן. א׳־זאַקסן.

א'עלזאַס. א'־עסטרײַך. א'־פֿראַנק(ע)ן. א'־שלעזיע. א'־קאַליפֿאָרניע. א'־איטאַליע. אויך כּדי אונטערצושיידן צווישן צוויי פּונקטן מיט גלײַבע נעמען. ← אונטער, פּרעפּ, בּ6. ◻־גינזבורג. א'־גומבּאַך.

אייבּער

7. ווײַזט אויף דעם וואָס איז דער העכסטער אָדער העכער אין ראַנג, אַמט, פּאָזיציע. פֿאַרבּײַט הויפּט־, שעף. דינט אויך צוצוגעבּן אַן איר בּײַטעם. ← אייבּער־נעגלשנײַדער. ← אייבּערנעכטן.

א'אַגראָנאָם א'מאַרשאַל
א'אַדוואָקאַט א'מאַשיניסט
א'אַדיוטאַנט א'סעקרעטאַר
א'אַדמיראַל א'סערזשאַנט
א'אינזשעניר(־נער) א,
א'אינט◻ אַנט
רוקטאָר א'פּאָל
א'אינס קאָוניק
נדאַנט א,

א'אינספּעקטאָר א'פּאָמאָטשניק

א'אָנפֿירער א'פּאָסטמײַטער

א'אַקציז א'פּ ר גט
'

א'אַפּטיי ר א'פּר זיד נט

א'אַרכיוואַר א'קאָמאַנדיר

א'אַרכיטעקט א'קאָמיסאַר

א'באַאַמטער א'קאָמענדאַנט

א'ביבליאָטעקאַר א'קאַמערהער

א'געגע א נט
ײַסטע

'
ליאָר

א'בירג ר ר א, נדו טאָר

א'דיאַקאָן א'קאָנטראָ

א'דיריגענט א'קאַפּיטאַן

א'וואַכמײַסטער א'

קוואַרטיראַ'זנאַכער מײַסטער

א'לייטענאַנט א'רעגיסטראַר

א'מאַיאָר א'שע אאַ.

) טײַטז פּאָרמעז, ווע ר ר
'

שאַפֿן זיך פֿון זיי ← ד
גופֿא, אָן אייבער).

אייבער — דער, ־ס. 1. ווער עס פֿאַרנעמט
אַ וויכטיקערע, שטאַרקערע פּאָזיציע. העכערער
(באַאַמטער, אָנגעשטעלטער) לגבי אַ נידעריקערן
אין ראַנג (דעה, מאַכט א). ← אונטער, ב1.
דער א, פֿון דער אונטערוועלט. 2. פֿיגור אין
קאָרטנשפּיל, דאַמע, מלכּה. אין אַ צאָל שפּילן
— דאָס צענטל, אין עטלעכע שפּילן — דער
מלך; אין אַנדערע — דער פּויער, וואַלעט
(אין פֿאַרגלײַך מיט די קאָרטן וואָס האָבן ניט
קיין פֿיגורן). אַן א, שלאָגט אַן אונטער (←.).
*דעם א, אייכלס אַן אייניקל — א) וועגן אַ
לײַדנשאַפֿטלעכן קאָרטנשפּילער; ב) וועגן איינעם
וואָס האָט ניט קיין געהויבענעם ייִחוס. ״ער
האָט שׂכל ווי דער א, אייכל,,, פֿוול. 3.
גרעסטער געווינער אויף אַ לאָטעריע. דער א, האָט
געוואונען טויזנט זלאָטעס. 4. אייבערקול.
געשריי. רעדן אויפֿן א', אויף דער העכסטער
אָקטאַווע. ,,מע רעדט אים דאָס און ער
ענטפֿערט בוידעם — איז דאָס ווײַב אַרויס אויפֿן
א',,, ב. נאַדין, שריפֿטן.

אייבעראויפֿזיכט — די, ־ן. הויפּט־

אויפֿזיכט. העכסטע השגחה. האָבן די א, איבער אַן
אינסטיטוציע. „איבערנעמען די א, אין אַלעם
וואָס באַטרעפֿט דעם אונטעררריכט“, צעד.

□

אייבעראויסזעער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס.
הויפּט פֿון אויפֿזעערס. ווער עס האָט דעם אַמט
אָדער די דעה איבער אויפֿזעערס. „האָט זיך
אָנגעטאָן גרויסאַרטיק...און גענומען אויף זיך די
ראָלע פֿון אַן א„„ שע, ,דאָס גרויסע געווינס'.
־יש — אַדי.

אייבעראינסטאַנץ — די, ־ן. העכסטע
אינסטאַנץ. „זיך אונטערגעוואָרפֿן דעם באַשלוס פֿון
דער א, [דאָ: דעם סופֿרים־קאָרט פֿון די
פֿאַראייניקטע שטאַטן]„„ ש. מאַרגאָשעס, טמז,
.II 19□5 8
אייבעראינקוויזיטאָר — דער, ־ס (־ן).
1. הויפּט־אינקוויזיטאָר. טאָרקוועמאַדאָ דער א'.
„בעת אין גלאָצע□יש געניטער פֿון אַן א, טוט
איר אייגל לוסטיק לויפֿן אונטן אויפֿן
שײַטערהויפֿן„„ אַל I, 'קומט דער ליבער זומער'.

2. בּכלל גרעסטער רשע צווישן זײַנע חבֿרים רשעים. אונטער נאַצישער הערשאַפֿט האָט מען אַזוי גערופֿן יעדן העכערן נאַצישען בּאַאַמטן, ספּעצ די הויפּטן פֿון קאַצעטן און די נאַצישע הערשערס איבּער די געטאָס. וונ — די א'שע.

אייבּעראַמט — דער & די, ־ן. העכסטער אַמט. פֿאַרנעמען די א'.

אייבּעראָנקל — דער, ־ס? ־ען? אַרכ. עלטערפֿעטער. „און, ער שפּראַך צו משה. דוא עבּיר אונקיל, האשׂטו דען ניט מיט מיר גלערנט...„, מהמ, אַמשט 1722, יא/ב.

-

אייבּעראָסיציר — דער, ־ן. ־שע — פֿרוי פֿון א'. פּפֿ. ־צע'ר. אָפֿיציר פֿון די

הע

כערע ראַנגען. „די גאַנצע ג נעראַליטעט, שטאַבּא'ן...„, קנד, 37 1866, No. „פֿור די אובּיר און, אונטר אויפֿיצירר די היר זײַנן געמעלט“, מעדני מלך, פּפֿדמ 1726.

אייבּעראַרבּל — דער, מצ ווי אצ. (שנײַדערײַ) דרויסנדיקער טייל פֿון אַרבּל; אַרבּל אָן דער פּאָדשעווקע. ← אונטעראַרבּל.

אייבעראַרבעט — די, ־ן. 1. אַרבעט וואָס ווערט געמאַכט נאָך די אָפּגעאַרבעטע אָפּיציעלע אַרבעט־שעהן, ראָכקינד־שקליאַר ווב. 2. זייער גוטע פּאַכמענישע אַרבעט. ליווערן נאָר א'.

אייבעראָרדאָווי(צ)אַניש — אַדי. (געאָלאָגיע) וואָס האָט אַ שײַכות צו דער לעצסער עפּאָכע פֿון דער אָרדאָווי(צ)אַנישער ערע. ← אונטעראָרדאָווי(צי)אַניש.

אייבעראַרכיטעקטאָר — דער, ־ן (־ס). הויפּט אַרכיט קטאָר. „געבויט האָט די סוכּה -

דער פֿעטער...נאָר געקאָמאַנדעוועט האָט דער זיידע, געגעבן עצות, ווי אַן א'“, שע, פֿונעם יאַריד I.

אייבעראַרמיי — די, ־ען. אַרמיי מיט באַזונדערע פּריווילעגיעס. אַרמיי פֿון אייבערמענטשן (סאַרקאַסטיש). „זײַנען אויסן געווען אָפּצוקילן אַ ביסל דעם ברען פֿון הימלערס א',„ מוו, היטלערס פּראַפֿעסאָרן.

אייבעראַרמל — דער. מצ ווי אצ. לאַקל

מל)...באַשטייט פֿון אונטעראַרמל — דער טייל (וולאָצלאַוועק). דזוו אייבעראַרבל. „אַרמל (

עראינעוויניק אַרײַן צום פּשאָדעק, און א, —
דער טייל אין דער לופֿט אַרײַן,,, ש. ווינטער,
פּש II.
אייבעראָרעם — דער, ־ס. אייבערשטער טייל
פֿון אָ ם, צו דער פּלייצע (גוף) צו. יאַכ.
אויך: 'ביין.
ר

אייבעראַ — דער, ~ערצטע. דטשמ.
נר. הויפּט־דאָקטער (אין אַ שפּיטאָל א). ,,

האָאייבערבוכהאַלטער

בן מיר זייער אָנגענעם צוגעבראַכט ביים דר,
...א, אין אַלגעמיינעם האָספּיטאַל“, ארז, קמ,
47 1868, No.
א העלפֿער — דער, ־ס. פּפ:
ר. 1. וויכטיקסטער, עלטסטער
צווישן אַ מלמדס באַהעלפֿערס. ,,ער [דער מלמד]
קומט זיך צוזאַמען מיט זײַנע חבֿרים די
אַנדערע מלמדים, און מיט די א'ס ביי אַ גלעזל
מעד,,, ייִפֿאָל, 2 .39 1882, No. אַקטיאָריש.
שפּאַסיק. זייער שלעכטער אַקטיאָר.

אייבערבאַוויַז — דער, ־ן. וויכטיקסטער באַווייַז. פּרוּוון אָפּשלאָגן דעם א, פֿון דער באַשולדיקונג.

אייבערבאַוול — דער. מצ ווי אצ. בע□ סערער מין באַוול וואָס מע ניצט בייַם נייען אויף דער רעכטער זייַט פֿון בגד. ייִהאַן, No 36.

אייבערבאַלקן — דער, ־ס. העכסטער באַלקן אין אַ בנין. דער דאַך האַלט זיך אויפֿן א'.

אייבערבאַן — די, ־ען. באַן וואָס אירע רעלסן זייַנען אויף הויכע געשטעלן איבער די גאַסן. לופֿטבאַן. „מיר'ן פֿאָרן מיט דער דריטער עוועניו, מיט דער א', אין בראָנקס אַרייַן„, רייד (ניו־יאָרק).

אייבערבאַק — די, ־ן. אייבערשטער טייל באַק, צו די אויגן צו. „אַרויסגעזען פֿון זייַן פּנים...האָט מען בלויז אַ פּאָר גוטע טונקלברוינע אויגן און קליינע שטיקלעך א„,, פּ. פֿרייד, צוק, דעצ, 1957.

אייבערבגד — □..בעגע□] דער, ־ים [...
בגאָדי□]. יעדער מין בגד וואָס מע טראָגט פֿון אויבן. געווײנלעך יעדער מין מאַנטל. אויך:
-
קאַפֿטן, אייבערראָק, אייבעררעקל. זיך נייען

אַן א, אייו מאָל אין אַ שמיטה. „אַ קאָלנער פֿון אַ שטיקל קעצענע פֿעל פֿון דער מאַמעס א'“, י. א. קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבן. „זיך אָפּגערוקט פֿון טיש, רווישנדיק מיט די ברעגן פֿון זײַן לאַנגן שווערו ראַצעמאָרענעם א,,,,

מ. ריבקין, דער ווערליזש ר בלוט־בלבול, ווילנע 1914. „די פֿאַרבליבענע ייִדן אין פּאַריז [בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע] וואָס מוזן טראָגו דעם געלן מגן־דוד אויף די א'ים,,, א. אַלפּערין, טמז, 27 XI 1960.

אייבערבוי — דער, ־ען. 1. דאָס וואָס איז געבויט איבער אַ געבײַדע. אַ מין טורעמל ווי אַן א'. „צו דער שטוב איז צוגעקומען אַן א, פֿאַר דעם יונגן פּאָרפֿאָלק“, רייד. 2. דאָס אידייאישע, דאָס גײַסטיקע וואָס אַנטוויקלט זיך אויף אַן עקאָנאָמישן, אַ מאַטעריעלן יסוד. דער גײַסטיקער א, לויט קאַרל מאַרקס שיטה. „פֿון דעם ייִדנס גרונט־סיטואַציע פֿון דער אי־־
בער־איבערגעהויבנקייס פֿון זײַן גײַסטיקן א,,,, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע.

אייבערבויגן — דער, ־ס. אייבערשטער בויגן. צושטעלן אַן א, מיטן נאָמעו פֿון מחבר. אַ טאָפּלטע אַרקע מיט אַן א'.

אייבערבוכהאַלטער — דער, ־ס (~
בוכהאַלטאָ'רן). הויפּט־בוכהאַלטער. „ער האָט אים
באַלד געמאַכט פֿאַר אַן א, און אַן אייבערהער
איבער אַלע זײַנע מענטשן„, מ. מ. יודעלעווסקי,
חנעל[, וואַרשע תּרמ„ד.

אייבערבורגערמײַסטער

אייבערבורגערמײַסטער — דער, ־ס.
געוויינלעך: ~בירגערמײַסטער. ראָש־העיר;
הויפּט אַדמיניסטראַטאָר פֿון דער שטאָט־

פֿאַרוואַלטונג. „די פֿאָרשטייער פֿון דער שטאָט,
דער א, און די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער
געמיינדע„, קמ, 31 1864, No.
אייבערביין — דער, ־ער. דזוו איבעראָרעם ←.
אייבערביר — דאָס & דער. מצ נב. ביר
וואָס האָט אין זיך מער אַלקאָהאָל ווי
געוויינלעך ביר.
אייבערבירגער — דער. מצ ווי אצ. בירגער
מיט ספּעציעלע רעכט, פּריווילעגיעס (אָפֿטער
פֿאַראַכטלעך). „איז ער בכּוח מקיים צו זײַן
זײַן העכערן באַרוף פֿון גרינהאָרן — א'‘‘,
ב. ריווקין, ה. לייוויק.... ־יש — אַדי.

אייבערבלאַט — דאָס & דער, ~בלעטער. בלאַט וואָס אונטער דעם איז דאָ אַן אַנדער בלאַט. ← אונטערבלאַט, ב1. 2. אייבערשטע פֿלאַך פֿון בלאַט.

אייבערבלוזע — די, ־ס. אויך: ~בלוזקע. 1. בלוזע וואָס מע טראָגט איבער דעם קליידל. „די א'ס זײַנען לעצטנס געווען שטאַרק מאָדערן און זיי זײַנען ווידער אין דער מאָדע„, פֿאָר, 2 .2 1965 I. בלוזע פֿאַר קינדער און יונגוואַרג, וואָס איבער דעם טראָגט מען ניט קיין רעקל.

אייבערבעט — דאָס (די), ־ן. 1. איבערבעט; פּערענע, פֿעדערדעק(ע). „...אונטער אַ קישן אָדער אונטער אַן א'„, איבז, תּקוני שבת, אוסטרהא 1818. 2. דאָס אייבערשטע בעט פֿון אַ צווילינג־בעט וואָס איז איינס איבער דעם אַנדערן (היפּוך פֿון אונטערבעט).

אייבערבעל־הבית — [...באַלעבאָס] דער, ~בעלי־(ה)בתּים [...באַטים]. גרעסטער בעלהבית, איבער אַנדערע בעלי־בתּים. „אַלע פּערזאָנען אין דעם ענגן, קאַלטן און נאַסן שטיבל זענען פֿינף, און דער דלות וועלכער איז דאָ געווען דער א'־ה, וואַר דער זעקסטע', ייִפֿאָל,

.No ,1887 31

אײבערבעלפֿער — די, ־ס. ←
אײבערבאַהעלפֿער. „דער א, פֿלעגט מיט די קינדער זאָגן די אינדערפֿריאיקע ברכות, אײַנקנעלן מיט זײ דעם אַלף־בית, לערנען טראַף“, רײד. „מיכל בעלפֿער איז געװוען בײַם בעסטן דרדקי־מלמד ...דער א'„, יאַ, שטערנטיכל, לײַפּציק 1862.
„דער מלמד טרײַבט אָן אַ פֿולע שטוב מיט קינדער...דערצו מוז ער האַלטן א'־ און אונטערבעלפֿערס“, קמ, 1965 32, .No
אײבערבעלקע — די, ־ס. אײנע פֿון די בעלקעס (קלעצער) װאָס אויף זײ האַלט זיך די סטעליע.
אײבערבעקער — דער, ־ס. ראָש, הויפּט פֿון די בעקערס. „האָט דער א, [,שׂר־האופֿים'] געזען אַז ער האָט צום גוטן פּותר געװוען„, תּי, בראשית, מ, 15.
אײבערברואים — די. במ. באַשעפֿענישן װאָס שטײַגן איבער אַלע פֿאַראַנענע, װאָס זײַנען אויף דער העכסטער מדרגה פֿון עװאָלוציע. „עס װעט אויפֿקומען אַ הײליקע ..תּקופֿה

שטרענגער בּיִאָלאָגישער סעלעקצי, ,,א. ליפּינער, איק, פּסח תּשכ"ד.

אײבערבּרוסט — די. מצ נבּ. העכערער טײל פֿון בּרוסט. אָפּבּרענען אויף דער זון די הענט, דעם האַלדז און די א'.

אײבערגאָט — דער, ~געטער. הויפּטגאָט אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון פּאָליטעאיסטן, געצנדינערס. גריכישער א, (ד)זעאוס. ,,האָבּן זײ זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ג נצע רעגירונג פֿון אַן א, מיט אַ װײַבּ און קינדער, מיט...גענעראַלן... אונטערגעטער", קמ, 26 1866, No.

אײבערגאַס — די, ־ן. גאַס װאָס גײט פּאַראַלעל און העכער צו אַ צװײטער גאַס װאָס איז נידעריקער. װאוינען אויף דער ערשטער א, פֿון גרינעם בּאַרג (קאָװנע).

אײבערגאַרטל — דער, ־ען. גאַרטל פֿון אויבּן. אַ בּרײטער א, איבּער דער קאַפּאָטע.

אײבערגאַרן — דער. מצ װי אצ. דזװ אײבערבּאַװל.

אײבערגאָרן — דער, ־ס. אײבּערשטער גאָרן, אײבערשטאָק, גאָרן װאָס איז אונטערן דאַך. װאוינען אויפֿן א', װינטער זיך טרײסלען פֿון קעלט און זומער פֿאַרבּרענט װערן פֿון היץ.

אייבערגבאי — [...גאַבע] דער, ־ם [...
גאַבאָאי□]. ווג ־טע, ־ס. 1. הויפּט־גבאי. „ער זאָל
פֿון איצט אָן צונעמען אַלע ארץ־ישׂראל־געלטן
און פֿון ר, מאיר בעל־הנס־פּושקעס, אַפֿילו פֿון
די א'ם“, יפּ. 2. דעה־זאָגער בכלל. קאָכלע□פֿל.
הויפּט־שמעלקע. אַן א, בײַ די גנבֿים.
אייבערגײַסטלעכער — דער, ־לעכע.
הויפּט־גײַסטלעכער (פֿון אַ ניט־ייִדישער נאמנה).
„דער א, און אַלע...קירכדינער...האָבן רואיק
צוגעזען...די מאָרדטאַט„, קמ, 4 1869, No.
אייבערגלה — דער, ־ים. הויפּט־גלח.
פּראָטאָפּאָפּ. ל2.
אייבערגעדאַנק — דער, ־ען. 1.
הויפּטגעדאַנק. 2. איר ווענן אַ פֿלאַכן אָדער פֿאַלשן
געדאַנק. „פּס, אַזאַ א, איז מיר נאָך קיינמאָל
ניט אויסגעקומען צו הערן!„, רייד.
אייבערגעהיל□ — דער, ־ן. ווג ־ין, ־ס.
וויכטיקסטער געהילף בײַ אַן אַרבעט (וואָס
האָט צו זיך געהילפֿן).
אייבערג(ע)וואַלד — דזוו אייבערהערשאַפֿט.
אייבערגעוואַנט — דאָס, ־ן (אויך: ~
געוועגטער). 1. שטאָף פֿאַר אַן אייבערבגד.
2. יעדער מין געוואַנט וואָס קומט פֿון אויבן.

3. אייבערבגד. אָנטאָן אַן א, איידער מע גייט
אַרויס אין קאַלטן דרויסן.
אייבערגעזימס — דער, ־ן. געזימס וואָס
קומט גאָר אויבן. אַן אויסגעצאַצקעטער א'.
אייבערגעזע'ל — דער, ־ן. וויכטיקסטער
געזעל אין אַ וואַרשטאַט (וואָס האָט אונטער
זיך (אַ) געזעל(ן).
אייבערגעזעלשאַפֿט — די. מצ נב. 1.
געזעלשאַפֿט פֿון דעך קומענדיקער צײַט, וואָס זי
איז העכער, אַנטוויקלטער ווי די איצטיקע.
,,אַרײַנשלעפּן אין אַן אַטאָמישער א',,, טמז,

אייבערדיאַלעקט

2 .9 IX 1964. געזעלשאַפֿט פֿון
אַריסטאָקראַטן, פֿון די אייבערשטע שיכטן.
אייבערגעטריב — דער, ־ן. טראַנסמיסיע,
טרײַב־רימען וואָס קומט פֿון אויבן (אין אַ
מאַשין, דרייבאַנק), א. ל. זיידל, טאָקעדײַ,
מאָסקווע 1932.
אייבערגעסל — דאָס, ־עך. פּקפּ פֿון
אייבערגאַס ←.
אייבערגעץ — דער, ־ן. הויפּט־געץ. ,,...איז
פֿאַרגלאָצט געווען מיט טויזנט אויגן צום

מיליאָן־דאָלאַרדיקן שמאַלצטאָפּ, דעם אָפּגאָט און
א, פון...באַלעבאָס,,, ב. ריווקין, ה. לייוויק....
אייבערגעריכט — דאָס (דער), ־ן. העכסטע
געריכט־אינסטאַנץ. אַן אַפּעלאַציע אין א'. ,,
אַפּעלירן פון אונטר אַן אובר גריכט זיך צו
בירופן", י. מאַרשן, חנוך לנוער פיורדא 1774.

אייבערגעשטעל — דאָס (דער), ־ן. טייל
פון אַ מכשיר פון אַן אָנשפּאַר וואָס איז פון

אויבן, איבער אַן אַנדער טייל אָדער אַנדערע
טיילן.

אייבערגעשטעלט־ער — דער, ־ע.
אויפזעער; עלטסטער איבער אַ גרופּע אַרבעטער
אע. ,,אַחוץ שלמהס א'ע וואָס איבער דער
אַרבעט,,, תּי, מלכים א, ה, 30.
אייבערגעשפּאַ'ן — דער, ־ען. אויך:
אָבערגעשפּאַן הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר פון אַן
אָרטשאַפט (אונגאַרן). ← ז. י. גרינוואַלד, 1.0Oo
אַר ייִדיש לעבן אין אונגאַרן, נ"י 1945, ז,
244. ,,אין שטיינאַמענגער (אונגאַרן) איז
אָנגעקומען אַ נײַעך אָבערגעשפּאַן, האָט מען
לכּבֿוד אים געמאַכט אַ פאַקלצוג,,, ייִפאָל,

.I 188 8

אייבערגראַטקע — די, ־ס. אייבערשטע גראַטקע. אַרויפֿשטעלן די פּסחדיקע כלים אויף דער א'. שפּאַסיק, אייבערשטע בריק ציין.

אי בערגרופּע — די, ־ס. (סאָציאַל, אינטעלעקטועל אע) וויכטיקסטער טייל פֿון אַ גרעסערער גרופּע. די פּראָפֿעסאָרישע א'.

אייבערגרעב — די, ־ן. (שנײַדערײַ) מאָס פֿון ברוסטקאַסטן. נעמען די א'.

כל. אייבערשטער דאַך. „אויפֿן דאַך פֿון בנין

אייבערדאַך — דער, ~דעכער פּקפֿ: ~ דע.

איז דאָ אַ גערטנדל און איבער אים אַן א',„.

אייבערדאָקטער — דער, ~טוירים. ונ ־שע, ־ס. הויפּט־דאָקטער אין אַ קליניק, שפּיטאָל אע. „דער א, איז אויך געבליבן שטיין ניט בלאַס, ניט האַלב־אָנמעכטיק, נאָר פֿאַרוואונדערט,„ יהל, די ערשטע ליבע, וואַרשע .188

אייבערדזשע'ניטאָר — דער, ־ס. אַמ. הויפּט פֿון באַדינערס וואָס פּאַסן אויף אויף

אַ בנין. „בײַ רײַכע קרובֿים איז ער געוואָרן
א, איבער צוויי טענעמענט־הײַזער אויף
פּאַרקעווועניו“, אָפּאַ, ,גערטרוד'.
אייבערדיאַלע'קט — דער, ־ן. דיאַלעקט
וואָס איז איבער די נאַטירלעכע דיאַלעקטן און
איז צום טייל אַנדערש. כלל־שפּראַך,
שמעלץדיאַלעקט. „האָט זיך דורכן צוזאַמענשטראָם פֿון

אייבערדיק

פֿאַרשיידענע דײַטש־דיאַלעקטישע עלעמענטן
געהאַט געשאַפֿן אַ מין ייִדישער א', אַ מין
כללשפּראַך„, מוו, ייִפֿאַ, וואַרשע 1938, 10.
איי'בערדיק — אַדי. וואָס איז איבער ע פּעס,
פֿון אויבן; וואָס איז העכער. די א'ע שיכטן,
קלעצער. ־יקייט — גאווה, שטאָלץ.
אייבערדירעקטאָר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס;
ווייַב פֿון א, — —שע. הויפּט־דירעקטאָר,
עלטסטער איבער אַ גרופּע דירעקטאָרן. „ה, ר.
אַלס א, פֿון די אײַזנבאַנען האָט געעפֿנט דאָס
טירל פֿון וואַגאָן“, קמ, 23 1867, No.
אייבערדעוואָניש — ← איבערדעוואָניש.
אייבערדעק — די, ־ן. 1. דאָס מיט וואָס
מע דעקט זיך צו. דעקע (פּערענע, לײַלעך)

וואָס קומט איבער דעם וואָס שלאָפֿט. נוצן
דעם ווינטערמאַנטל פֿאַר אַן א'. 2. ￼עדער מין
צודעק אָדער פֿאַרדעק. אַן א, מיט שפּיצן
איבערן טישטעך. אַ קאָלירדיקע א, אויף אַ
בעט. „דאָס ווײַסע א, פֿון מײַן שלאָף־בעט“,
שע, 'שיר השירים'. „און איבער די א, פֿון
די ווײַסע שניי־וועלט ווײַזן זיך שוין דאָ און
דאָרט שוואַרצע ערדפֿלעקן אַרויס“, אַש, שטעטל.
אייבערדעק — דער, ־ן. 1. העכסטער דעק
(און אָפֿענער, אָן אַן איבערדאַך) אָדער גאָרן
פֿון אַ שיף. שטיין אויפֿן א, און קוקן דורך
אַ שפּאַקטיוו אויף דער יבשה. „אַז מע האָט
זיי אָנגעזאָגט...מע זעט שוין אַרויס דאָס לאַנד,
זענען זיי אַרויס אַלע אויפֿן א'“, שע,
בלאָנדזענדע שטערן 2 .II. פֿלאַכער דאַך.
אויסהענגען וועש אויפֿן א'.
אייבערדעקל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון
אייבערדעק. ספּעצ צודעק אויף קעסטעלעך אָדער
גלאָז־, פֿאָרצעלײַ־כּלים אע. “דאָס זײַנען פֿלאַכע
שאַכטעלעך פֿון טאַקטור וואָס זייערע א'עך
זײַנען פֿון ריינעם גלאָז“, אמד, איין הונד אַלס
שדכן, ווילנע 1878.
אייבערדעקע — די, ־ס. דזוו אייבערדעק, די.
„אָנגעהויבן...לייגן אין בויד פּעק, קישנס...

פּעלצן, א'ס"', מ. ריבקין, וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.

אייבערדראָט — דער, ־ן. דראָט וואָס קומט פֿון אויבן. אַ פֿאַרצוימונג מיט שטעכיקן א'.

אייבערדרוק — דער. מצ נב. שטאַרקער דרוק. העכסטע מדרגה פֿון דרוק וואָס אַ מכשיר, אַ כּלי, אַ קעסל אע קען אויסהאַלטן.

אייבערדרעקל־קאָמיסאַר— פּאַריזער יִדיש. פּע אָ. מע פֿלעגט זאָגן אויף איינעם וואָס האָט

זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן קנאַקער און דעהזאָגער: „קוקט אים נאָר אָן, ער איז דאָך אַ גאַנצער א'־ק'„.

אייבערהאַלב — פּרעפּ & אַדוו. ־ M d: obe[1alben]. פֿון אויבן. אין דער ריכטונג צום אויבן. ← אונטערהאַלב.

אייבערהאַמער — דער, ־ס. אייבערשטער האַמער (אָדער שטיק אײַזן, מער־ווייניק האַמערפֿאָרמיק) אין אַ מאַשין וואָס האָט צווייטן האַמער פֿון אונטן. ←אונטערהאַמער. א

אייבערהאַנט — די, ~העגט [ון].: Mh obe. 1 ־hant. ערשטיקע דעה, הויפּט־דעה.

אייבערמאַכט. צד וואָס געווינט אָדער האַלט אין
געווינען און דאָמינירן בײַ אַ פֿאַרמעסט,
געראַנגל, צונויפֿשטויס פֿון אינטערעסן. קומט מיט
די ווערבן: האָבן, נעמען, באַקומען, קריגן,
געווינען, אַרויסווײַזן, בלײַבן, האַלטן אאַ.
צוזאַמען מיט די ווערבן — אַרויסקומען אויפֿן
ערשטן אָרט, געווינען, מנצח זײַן, דאָמינירן
אע.

מיט ה אָ ב ן: „די מורדים האבן גיהט דיא
אויבר הנט“, ווינץ. „פֿאַרהאַנדן קהילות קדושות
וואָס די משפּחה האָט בײַ זיי נאָך נישט די
א',,, יפּ. „מיט וואָס האָט מען די א, איבער
די שקצים פֿון דער הײַנטיקער וועלט“, ממוס,
טאַקסע. „אויפֿן פּאַפּיר האָבן מיר שטענדיק
די א, געהאַט“, פּרץ, געוואַנקען און אידייען.
„דער אור די לײַכט אויפֿן נפֿש האלקית, אַז
זי זאָל האָבן די א, אויף די נאַרישקייט פֿון
דעם יצר־הרע,,, תּניא, 70...

מיט נ ע מ ע ן: „זי זאהן דשׂ עשׂ אויבר
הנט וואָלט נעמן, דר בֿון [= דערפֿון] צו
וליהן [= פֿליִען, אַנטלויפֿן] וואָלטן זי זיך
ניט שעמן“, בבֿא־בוך, 542. „אַם נײַנטן טאָג

דאשׂ פֿירדן מוניט נאַם דער הונגר איבּר הנד אין דר שטאַט,,, מ. שערטילש, ספֿר ירמיה, פּראָג 1602, נב, 1. ,,ווער האָט ענטליך איבּר הנט גינומין,,, גה, 83. ,,דורכן פֿרעמדן לשון נעמט די אַסימילאַציע די א',,, אפֿא, געטראַכט מיט ע□רי־טײַטש.

מיט בּ אַ ק ו מ ע ן □. ק ר י ג ן: קריגן די א, ערשט בּײַ דער ענדשפּיל, בּײַם לעצטן קאָן אע. "דערצו האָבּן זיי בּעוה"ר [= בּעוונותינו הרבּים] זייער די א, בּאַקומען,,, יפּ. ,,דאָרט וואו די השׂכּלה פֿאַלט, בּאַקומט דאָס שלעכטע און דאָס מיאוסע די א'", ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. ,,האָט דער קינסטלערישער הומאָר די א, בּאַקומען איבּער דער מער פּובּליציסטישער סאַטירע", שנ, וועגן יודישע שרײַבּער I. ,, יום־כּיפּור איז דער טאָג, ווען די נשמה בּאַקומט די א, איבּערן גוף", הרבֿ מ. שוואַרצמאַן, טמז, 15 IX 19□4.

מיט אַנדערע ווערבּן: ,,ער האָט פֿ אַ ר ל ו י ר ן די א, נאָכן הערשעוועןן אין פֿאַראײַן גאַנצע צען יאָר", רייד. ,,נישט זײַן רצון העליון, נאָר דער רצון התּחתּון ג ע ו ו י נ ט די א'", הרבֿ י. ד. סאָלאָווייטשיק, טמז, 8 X 1965.

,,די...רעגירונג וויל איצט אַ ר ו י ס ו ו ײַ ז ן איר
א',,, קמ, 1866 10 ,No. ,,דערווײַל איז קאַנאַריק
ג ע בּ ל י בּ ן א',,, אַש, מאָטקע גנבֿ. ,,דעשׂט
ה[אַ]לבּן האבּן דיא אומות העולם איבּר אונשׂ
די אובּר הנט צו ה [אַ] ל ט י ן,,, עיון, יא/בֿ.
"דער (יצר טובֿ) דיא אובּר האנד בּ י ה א ל ט,,,
עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק"ח. ,,אין דעם
ל י ג ט די א, פֿון שׂכל", ש. בּלום, דער בּוים
פֿון לעבּן, נ,,י 1931.
2. ערשטע 'האַנט, בּײַם שפּילן קאָרטן. ,,דו
בּ י ס ט די א', פֿאַרפֿושער ניט!,,, רייד. 3. בּײַם
שווימען, די האַנט וואָס איז איבּערן וואַסער.
← אונטערהאַנט.
ייִבּערהאַר — דער, ־ן. 1. עלטסטער פֿון
די האַרן; הויפּט האַר. ,,לאָז זיך זײַן כאָטש,
אַז איך, תּכשיט, בּין דער מלך, דער א, איבּער

-

אייבּערהויפּאַגענט

אַלע בּהמות וואָס מוזן מיר דינען,,, ממוס,
קליאַטשע. 2. דזוו האַר; געוועלטיקער. ,,אַז
דאָס לאַנד פֿאַרזינדיקט זיך, בּאַקומען זיי פֿיל
א ן אויף זיך", מס, משלי תּקע"ד, כח, 2.

,,זינגען ווי דאָס פֿייגעלע וואָס פֿליט אין־
דערלופֿטן און האָט איבער זיך קיין א'‚,, פּרץ,
חסידיש. ,,אַ קינד דאַרף זײַן בײַ מיר אַ קינד,
אָבער ניט קיין א, איבער מיר,,, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. 3. פֿאַרבײַט־נאָמען פֿאַר גאָט.
,,ס'איז דאָ אַן א', אַלע אויף דער וועלט דאָ
זענען זײַנע קנעכט,,, ממוס, יודל. ,,אַז דער
אַשמדאַי דערהערט דאָס וואָרט א', נעמט אים
דער גאַנצער קאָפּ ציטערן,,, ווײַס II, 'דער
איבערגאַנג'.
אייבערהאָר — די, מצ ווי אצ. 1. האָר
אויף דער פּלייצע און אויפֿן רוקן פֿון דער
פֿעל בײַ חיות. [געדיכטער, גרעסער ווי די
אונטערהאָר (←.)]. 2. אייבערשטער טייל פֿון
האָר אויף אַ פֿעל.
אייבערהאַרלע — דער, ־ס. פּקפּ פֿון
אייבערהאַר. מוי. לאָקל (גאַליציע). עלטערזיידע (אין
מויל פֿון עלטערן דור ביזן אָנהייב 20. י,,ה).
אייבערהויז — דאָס, ~הײַזער. העכערע
פּאַלאַטע פֿון אַ פּאַרלאַמענט. ← אונטערהויז. ,,דער
מחבר באַווײַזט זייער גרינדלעך, אַז ייִדן האָבן
אַ באַשטימטע רעכט צו זיצן אין ▯ונגאַרשן
א'‘‘, ייִפֿאָל, 3 1885, No.
אייבערהויזן — די. אצ נב. 1. דזוו הויזן,

ספּעץ ווען מע טראָגט אונטערהויזן (←.).
2. אַרבּעטסהויזן פֿון אַ שטאַרקן מאַטעריאַל, געוויינלעך פֿון בּלויען קאָליר. „די בּאַלעבּאָסטע...האָט אַרויפֿגעצויגן איבּערן קלייד אַ פּאָר בּרייטע ליַוונטענע א', אָפּאַ, 'שלעכטס'.

אייבּערהויט — די, ־ן. 1. אייבּערשטע שיכט פֿון דער הויט. ← אונטערהויט. 2. אייבּערשטע שיכט פֿון פֿעל. „די פֿעל איז פֿון אויבּנאויף צוגעדעקט מיט אַ דינער א, וועלכע מע רופֿט עפּידערמע“, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928. 3. אייבּערשטע שיכט פֿון דער קאָרע. “די קאָרע האָט אויך אַן א, אָדער עפּידערמע, וואָס אונטער איר ליגט די אמתע קאָרע־סובּסטאַנץ“, וואולאַך, האַנמבּיכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבּעט I, 1922. יק — אַדי.

אייבּערהויפּט — דער, ־ן. ראָש, עלטסטער איבּער אַלעמען (פֿון אַ גרופּע). „...כּדי רוים און די קאַטוילישע קירכע זאָל ניט בּלייַבּן איין טאָג אָן איין א', קמ, 48 1867, No. „ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט איין פֿאָלק וואָס... זאָל אַזוי ניט האָבּן און ניט וועלן האָבּן אַן א', ווי ייִדן“, ייִפֿאָל, 17 XII 1881.

אייבּערהויפּ▯אַגענט — דער, ־ן. עלטסטער הויפּאַגענט. „דער פֿירשט האָט דערקענט אין

ראָטשילדן אַ פֿעאיקן מענטש...האָט ער אים געמאַכט...הויפֿאַגענט און דערנאָך א',,, קמ, 32 1863, No....מאַרשאַל — העכסטער, עלטסטער הויפֿמאַרשאַל. ,,די דאַמען פֿונעם דענמאַרקישן הויף, דער א, פֿונעם...הויף“, קמ, 37 1866, No....מײַסטער — עלטסטער הויפֿמײַסטער. ,,איך האָב געזאָגט, — ענטפֿערט אים דער א'...,,, קמ, 12 1864, No.

ייִבערהונט

ייִבערהונט — דער, ~הינט. נעאָל. גרעסטער, ערגסטער הונט. פּאַראָדיע אויף אייבערמענטש (←). ,,וואַגנערס, פּיכטעס הונען, ניטשעס אייבערהינט דרייען זיו אין ווינט אין ישׂראלס זונען,,, הל, 'אין ישׂראלס זונען'.

Iייבערהיטל — דאָס, ־ען (־עך). סאָליד, בעל־הבתּיש היטל. היטל וואָס אונטער דעם איז דאָ אַ יאַרמלקע. ,,אַרומגעגאַנגען באָרוועס און אָן אַ גאַרטל און אָן אַן א'...ווי איינער פֿון די פּראָסטע מענטשן,,, מ. אונגער, סמז, 29 1958 I.

Iייבערהייזלעך — די. במ. פּקפּ פֿון

אייבערהויזן. קורצע הויזן, ביז צו די קני. קינדערשע א'. „ס'האָט אים ניט געפּאַסט צו טראָגן א'„, רייד.

ייבערהייט — די, ־ן. אַרכ. אייבערקייט. מאַכטהאָבער(ס). פּני; עליטע. „דא ער זער הויך אַן גזעהן וואַר בײַא דיא אובירהייט פֿון דיא שטאַט„, שאַר, קלא.

Iייבערהײַטל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון אייבערהויט ←. עפּידערמע. די אייבערשטע שיכט פֿון הויט. „ווען מיר זאָלן מאַכן דורך דער הויט אַ זינק־גלײַכן שניט, וועלן מיר זען אַז זי באַשטייט פֿון צוויי פּלאַסטן: אַן א, און די הויט גופֿא“, בעמ איבז, אָטאָ שמײַל, דער מענטש, ווילנע l921. „אונטער אָט דער א, ליגט די אייגנטלעכע הויט אָדער דערמאַ“, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928.
־דיק — אַדי.

אייבער־הכבדה — [...האַכבאָדע] די, ־דות. זייער אַ גרויסע הכבדה (שווערקייט, זאָרג). האָבן הכבדות און א'־ה'דות.

סער (גרעסטער) שונא־ישׂראל. 2. היטלערס
אייבער־המן — [...האָמאָן] דער, ־ס. 1.

גרויצונאָמען בײַ ייִדן. „מעג דער א־ה, שרײַען
אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט פֿאַרניכטעט ווערן,
האָט אָבער דער [דײַטשישער ראַדיאָ] נישט דעם
מוט מודה צו זײַן זיך אַז זיי האָבן...
אויסגעהרגעט כּך־וכּך ייִדן„, רינגעלבלום, סוף מאַרץ
.1941
אייבער־המצאה — [...האַמצאָע] די, ־אות.
אויסערגעווײינטלעכע המצאה. געווײנלעך איר.
שפּיצל, אייבערחכמה. פֿאַלן אויף אַן א־ה'. „די
הײַנטיקע פּאָליטיק פֿון דער עסטרײַכישער
רעגירונג איז גאָר מיט א־ה'אות„, קמ, 1865,
.No 6
אייבער־הסבּרה — [...האַסבּאָרע] די, ־רות.
1. אויסערגעוויינטלעך שפּיצל; אַריבערשפּיצל.
חכמהדיקער אַרויסדריי. פֿאַלן אויף אַן א־ה'.
אויפֿטאָן אַן א־ה'. שפּיצלעך, אָפּשניצלעך און
א־ה'רות. „בּערג הענגען אין־דער־לופֿטן אויף
אַ האָר...ייִדן איו־דער־לופֿטן אויף זיי באָמבּלען
זיך מיט א־ה'רות אַהין — אַהער אַ שרעק„,
ממוס [בּאַליבּט וואָרט], ספֿר הבּהמות. „דוכט
זיך, פּראָסט און פּשוט, אָן שפּיצלעך, אָן
חכמות און אָן א־ה'רות — וואָס קען זײַן
בּעסער ווי דער אמת?„, שע, אָרעמע און

פֿריילעכע 2 .I. קונציקער אויסטײַטש, חכמהדיק פּשטל. המצאהדיקער תּירוץ וואָס איז

אומלאָגיש. אַן א־ה, בײַם אויסטײַטשן אַ פּסוק, אַ האַרבע שטעל אע.
אייבערהעמד — דאָס, ־ער. העמד וואָס מע
טראָגט פֿון אויבן (ניט אויפֿן בלויזן קערפּע).
אָנטאָן אַ פֿריש א, איידער מע גייט צו גאַסט.
,,און, איין איבר הע מד פֿון פּורפּר זײַד,
גבראָדירט מיט גאָלד...,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743 ,,וועז
מײַן א, איז נאָר אָפּגעגלעט,,, ה. קליבאַנאָוו,
קול חדש, ווילנע 1908. [אַן א, מיט אַ שטײַף
קרעגעלע איז געווען אַ סימן פֿון אַפּיקורסות.
אין 19. י,,ה האָבן עס געטראָגן די וואָס האָבן
פֿאַרוואָרפֿן דאָס טראַדיציאָנעלע אָנטאָן] פֿאַר
—
,,
די הײַנטיקע אַריסטאָקראַטן פֿאַר די
געבילדע,
טע א'ער מיט די שטײַפֿע קראָכמאַלנע
קאָלנערס איז אַ שפּראַך וואָס לערנט און שרײַבט
זיך פֿון דער רעכטער זײַט גאָר קיין לשון
ניט", ה, א, נ, ך [א. כּהן], ר, שלמה
וואונדערהאָלד, ווילנע תּרמ"ח. ,,ביז יעצט...האָט נאָך

קיינער חלילה אויף זיך געהאַט אַ ראָק וואָס
זאָל זײַן ניט אַזוי לאַנג אָדער גאָר חס־ושלום
אַן א',,, יהל, דעך אַפּיקורס, וואַרשע 1904.
אַזעלכע א'ער זאָלסטו מיר נאָר טראָגן =

.

(גוטמוטיק געשאָלטן) דזוו [illegible] יאָ[illegible]לאויף דיר,
אזא מזל זאָלסטו האָבן. ~ עמד — ספּעצ
ז

- -

אַ העמד וואָס אַ גלח טוט אָן בײַם ריטואַל.
אייבער־העסיש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר, וואָס איז שייך צו
אייבערהעסן. די א'ע קהילות אין 13. און 14. י,,ה. סוב

—

דיאַלעקט פֿון אייבער־העסן. ,,....אָדער אַ קלאַנג
אָדער אַ וואָרט איז פֿאַראַן אין שוועביש צי
אין א'־ה',,, מוו, ייִפֿאַ, 10 ,1938.
אייבערהער — דער, ־ן. עלטסטער. אָנפֿירער.

דזוו איי□רהאַר, נאָר מיט אַן אָפּגעשוואַכטן
באַטײַט און — 'מאָדערניזירט'. ←
אייבערבוכהאַלטער.
אייבערהערט — דער, ־ן. [קלינגט אַרכ]
ראָש פֿון די פּאַסטעכער.

□

אייבערהערשאַסט — די & דאָס, ־ן.
אייבערשטע סוווערעניטעט. הערשאַפֿט וואָס
איבער איר איז ניטאָ קיין העכערס. „[טערק□]
האָט מורא, זיי זאָלן ניט טאָן ווי די גרעקן...
און אַראָפּוואַרפֿן איר א',„ קמ, 10 1866, No.
„...אונטערצובייגן זיך אונטעך דער א, פֿון
חלום“, זשיט II, נ„י 1912.
אייבערהערשונג — די, ־ען. פּראָצעס,
מצבֿ פֿון אַרויסווײַזן אייבערהערשאַפֿט. „זיי
האָבן זיך בעסער פֿרײַוויליק אונטערוואָרפֿן או□
טער די א, פֿון דעם רוימישן קעניג,„ בּ.
פֿײַגענבויס, די גאולה, נ„י 1893.
אייבערהערשער — דער, ־ס. העכסטער
הערשער. אַבסאָלוטער הערשער. „די פֿרוי
דערלאָזט ניט מעד אַז דער מאַן זאָל זײַן איר

א',,, רייד. ,,און סעדביען וועט אָנערקענען דעם
סולטאַן פֿאַר דעם א',,, קמ, 1867, No 11.
־יש — אַדי.
אייבער־השגהה — [...האַזשגאָכע] די, ־חות.
העכסטע השגחה. השגחה איבער די וואָס האָבן
די השגחה. דער קאָנטראָליאָר וואָס האָט די
א'־ה'. ,,די מלוכה־אינסטיטוציעס וואָס האָבן

אייבערווערטם

אַן א'־ה, אויף די קרעדיט־חבֿרות,,, בּ.
האַלפּערן, אַ האַנטבוך...פֿון אַ פֿאָלקס באַנק, ווילנע
1922. "אין שטעטין למשל האָט ע,,פּ אַ
פֿאַראָרדענונג פֿון 1863 געמעגט וואוינען מערניט
איין ייִד, ער זאָל קענען, אונטער דער א'־ה,
פֿון די בּ􏰀רלינער רבנים, משגיח זײַן אויף דער
כשרות פֿון ווײַן", מוו, ייִשפּ XIII, 2־3.
אייבערוואָג — די, ־ן. 1. איבערוואָג, עודף.
איבעריקע וואָג, מער וויפֿל ס'האָט באַדאַרפֿט
זײַן (לויט דעם ווי מע האָט אויסגענומען אָדער
זיך משער געווען). פֿאַרקויפֿן מעל מיט א'.
שלעפּן מיט זיך אַ פֿולן טרעלבוך מיט א..
2. דזוו אייבערהאַנט. ,,אין...מיטלעלטער איז די
א, ווידער אַריבער צו ווענעציע", מוו איבז,

געשיכטע פֿון מיטלעלטער, 1921. האָבן (קריגן) די א..

אייבערוואוקס — דער. מצ נב. אייבערשטער טייל פֿון אַ הויכן בוים וואָס הייבט זיך איבער די אַרומיקע נידעריקערע ביימער. דער א, פֿון די סאָסנעס איבער די בלעטערביימער פֿון וואַלד.

אייבערוואָל — די. מצ נב. אייבערשטע שיכט וואָל. אָפּשערן די א, פֿון די שעפּסן.

אייבערוואָלקן — דער, ־ס. ־וואַלקן וואַס איז איבער אַן אַנדער וואָלקן. ליכטיקע א'דלעך. ־דיק — אַדי.

אייבערוואַסער — דאָס, ־ן. 1. וואַסער וואָס איז פֿון אויבן. דאָס וואַרעמע א, און דאָס קאַלטע אונטערוואַסער. 2. וואַסער וואָס איז נעענטער צום אויסשטראָם־אָרט. ־דיק — אַדי.

אייבערוואָרצל — דער, ־ען. טייל פֿוו וואָרצל (אין אַ צאָל ביימער) וואָס איז איבער דער ערד.

אייבער־ווישע(ווע) — גנ. יידישע קהילה אין מאַרמאָרעש. געווען אויך אַ שטעטל אונטער־ווישע(ווע). אין א'־וו, געווען אַ ווערטל: ענטפֿער אים ניט, ער איז אַ באָרשער [באָרשע —

אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון א'־וו', וואָס איז
געוואָרן באַקאַנט דורכן באָרשער רבּין ר,
פּנחסל.] ← אונטער, פּרעפֿיקס, בּ6.

אייבּערוועלט — די, ־ן. 1. עליטע;
העכערע געזעלשאַפֿט. ,,פֿאַנטאַזירנדיקע תּאווה —
אַ צוזאָג אַז ער וועט באַלד אַרויפֿקלעטערן צו
דער א'‚‚ בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... 2.
יענע־וועלט. ־יק — אַדי.

אייבּערווענטל — דאָס, ־עך. ווענטל וואָס
פֿאַרשטעלט נאָר פֿון אויבּן. א, פֿון מאָגן.
,,א'עך אין די פּאַריזער פּיסואַרן‚‚ רייד. א'־
מאַשין — מאַשין וואָס מע ניצט בּײַם מאַכן
הענטשקעס (זי וואַרפֿט אַריבּער דעם פֿאָדעם
איבּער איר 'ווענטל').

אייבּערווערטס — אַדוו. ד., —ob□r: □ □M

(1 . □ □s(rt. □ויף אַרויף, א□ן דער ריכטונג
צו העכער. גיין, שטײַגן א'. 2. אויבּן. ,,האָט
צונויפֿגערופֿן אויפֿן שולהויף אַלע ייִדן און
האָט זיי געוויזן פֿון א, [דאָ: פֿיג, מאַכט,
רעגירונג] אַן אוקאַז‚‚ ילג, 'די יונגע יאָרן'. פֿרגל
אונטערווערטס.

אייבערזאָק — דער, ־ן. 1. לאַנגער, דיקער
זאָק וואָס מע טוט אָן איבער אַ דינערן זאָק
(אין גרויסע קעלטן). 2. געטרע. וואַרעמע
ווינטער־כאָליעווקע (געוויינלעך פֿון שטאָף, מיט
קנעפּ), ווערט אָנגעטאָן איבערן שוך. אויך
פֿאַר ספּאָרטלערס ווי אַ שוץ פֿאַרן שינביין.
אייבערזופּ — די (דער), ־ן. דאָס אייבער
שטע פֿון זופּ. היפּוו פֿון אונטערזופּ 􏰀..).
אייבערזיגונג — די, ־ען. פּראָצעס, מצבֿ
פֿון ענדגילטיקן זיגן. סהמ פֿאַרטײַטשט 'ואוריד
לארץ נצחם, (ישעיה, סג, 6): „איך האבּ
גנידרט צו דר ערד איר שטערק און, איר אויבּר
זיגונג,,.
אייבערזײַד — דאָס (די), ־ן. איבערדעק
פֿון זײַד. מיט טײַערן א'.
אייבערזײַט — די, ־ן. 1. (קצבֿיש) טייל
פֿון אויבּן. גיט מיר אַן א'ן קאַלבּפֿלייש.
2. אייבערשטע זײַט. קלענער􏰀 א, פֿון אַ
טראַפּעציע. 3. דרויסנדיקע זײַט. ←
אונטערזײַט. ־יק — אַדי.
אייבערזינגער — דער, ־ס. טוו פֿאַר '
למנצח'. אַזוי טח (הפֿטורה), חבֿקוק, ג, 19; אַזוי
סהמ, תּהלים, ח, 1. [תּי: „געזאַנג־מײַסטער,,].
אייבערזינד — די. מצ נבֿ. זינד בײַם עטן

פֿון עץ־הדעת. „אין דער קריסטלעכער
פֿאָרשטעלונג שפּילט די א, נאָך אַ טראַגישערע
ראָלע ווי אין דעו ייִדישער“.
אייבּעדזעגל — דער, ־ען. גרעסערער,
העכערער זעגל פֿון אַ שיף. אַראָפּלאָזן (
אַרויפֿציִען) דעם א'.
אייבּערהכם — [...כאָכעI] דער, ־ים [...
כאַכאָמי]. 1. גרעסטער חכם, געוויינטלעך איר.
„ער איז אַ חכם פֿון דער הגדה, נאָכמער —
אַן א'„, רייד. 2. ווער עס האַלט זיך פֿאַר
אַ גרויסן חכם. „גאָט האָט פֿײַנט א'ים„, שוו.
אייבּערהכמה — [...כאָכמע] ־מות. 1.
שפּיצל. אומגעראָטענע המצאה. “דאָס וואָס מיר
האָבּן געזען אין קונסט־טעאַטער איז שוין ניט
פּשוט טעאַטעך...עס איז שוין טעאַטראַלע א',„
מוק, טעאַטער.... 2. זן. גרויסע (גרעסטע)
חכמה. חכמה און א'.
אייבּערהלק — [...כיילעק] דער, ־ים [...
כאַלאָקים]. 1. אייבּערשטער חלק. א, פֿון עוף.
2. טייל מיטן קאָפּ (בּײַ אַ פֿיש). דער א,
קומט דעם טאַטן. 3. גרעסערער חלק (בּײַם
טיילן). אים קומט דער א'.
אייבּערהשבּון — [...כעזשבּן] דער, ־ות [...
בּוינעס]. גרויסער, טאָטאַלער חשבּון.

עיקרדיקסטער חשבון. „די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור...האָט...איבערגענומען די פֿירונג פֿון דעם ייִדישן א, מיט דער וועלט„, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן....

אייבּערטאָן — דער, ~טענער. (מוזט)

הויכער (העכסטע) טאָן. נעמען אַן א'. רעדן מיט אַ ירגזון, אויף א'טענער = בּאַפֿעלעריש, בּייז. רעדן, שרײַבּן וועגן אַלץ און מיט אַן א, דערצו. ־יק — אַדי. א'ע אָנשטעלונג פֿון אַן אינסטרומענט.

1()54

אייבּערטאַץ — די, ־ן. טאַץ וואָס קומט פֿון אויבּן, אויף צו פֿאַרדעקן. אַראָפּנעמען די א, פֿון פּאַלומעסיק איידער מע דערלאַנגט צום טיש.

אייבּערטאַש — די, ־ן. פֿקפֿ: ~טעשל. אייבּערשטע קעשענע פֿון אַ רעקל אָדער אַ מאַנטל.

אייבּערטויער — דער, ־ן. הויכער הויפּטטויער. אָפֿט (אין די אַלטע ייִדישע געטאָס אין דײַטשלאַנד) געווען אַ נאָמען פֿון אַ שטאָטטייל. „...איז ווידר איין גרושׂי (שׂריפֿה) גוועזן

אין פֿראַנקפֿורט אין דיא יהודים־גאַס פֿון דשׂ
,
(בית הכּנסת) בּיז אַן אובּר טאָר...,,, שאַר, קכה.

אייבּערטורעם — דער, ־ס. טורעמל איבּער אַ טורעם. אַרויסקוקן פֿון א, אויף דעם שׂונא.

אייבּערטיטל — דער, ־ען. נאָמען פֿון אַ שריפֿטלעכער אַרבּעט, אַרטיקל, בּוך אע. אַן אַרטיקל מיט אַ לאַנגן א'.

אייבּערטייל — דער, ־ן. 1. אייבּערשטער טייל. א, פֿון קאָרע. ← אונטערטייל. א, פֿון אַ געשאָכטענער בּהמה. ,,זאָל מען דאָס א, פֿון אַ קאָרנבּרויט טריקענען...און אין עסיק זידן און צום בּויך פלאַסטערן,,, תּעלה ארוכה, לבֿוב 1850. 2. העכערער (העכסטער) טייל. א, פֿון אַ בּנין. 3. קאַמאַש. דער גאַנצער שוך, שטיוול אע אָן די זוילן און קנאַפֿלען. קריגן אַן א, און גיין צום קאַמאַשן־מאָכער. א'־מאַכער — קאַמאַשן־שטעפּער, מג. 4. סחורה וואָס גייט אויף אַ מלבּוש, חוץ דער פּאָדשעווקע. קויפֿן בּײַם שניטקרעמער צוויי א'ן.

אייבּערטיפּ — דער, ־ן. טיפּ וואָס נעמט אַרום אַ צאָל אונטערטיפּן (←). דער מזרחאייראָפּעאישער ייִד — דער א, פֿון פּוילישע,

רײַסישע, ליטווישע...ייִדן.

אייבּערטיפּש — [...טיפּעש] דער, ־ים [... טיפּשים]. זייער גרויסער נאַר, וועלט־נאַר. אַן אויסגעשפּילטער א'.

אייבּערטיר — די, ־ן. האָריזאָנטאַלער טייל פֿון דער טיר־עפֿענונג צום סופֿיט צו.

אייבּערטייל פֿון אַ ראַם פֿון אַ טיר. טוו פֿאַר 'משקוף, (שמות, יב, 7, 22). אַזוי בײַ טח, □בּ, בּאר משה, מ□t [תּי: „אייבּערשטידל□]. “איר זאָלט אײַנטונקען אין דאָס בּלוט פֿון ועם שאָף און זאָלט שפּרענגען אויף די א, און אויף די בּײַשטידל,,, צוך, בא.

אייבּערטישטעך — דער, ־ער. געניצט געוויינלעך די פּקפֿ ־ל. טישטעך אויסגעשפּרייט איבּער עפּעס וואָס מען עסט. א, איבּער די צוויי חלות. ← אייבּערצוועל.

אייבּערטעלער — דער, ־ס & מצ ווי אצ. אייבּערשטער טעלער (אויף צוצודעקן). דער שיינער שלח־מנות אונטערן א'.

אייבּערטענה — [...טײַנע] די, ־נות. וויכטיקסטע, עיקרדיקע טענה. האַלטן אין איין איבּערחזרן די א, אַז מע האָט ניט געוואוסט.

אייבּערטעצל — דאָס, ־עך. פּקפֿ פֿון אייבּערטאַץ ←.

אייבערטערציאַ'ל — אַדי. (געאָלאָגיע) וואָס
האָט אַ שײַכות צו דער לעצטער תּקופֿה פֿון
דער טערציאַלער ערע. ← אונטערטערציאַל.

אייבערטעשל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון
אייבערטאַש ←. „אין אַ...טונקל־ברוינעם אָנצוג
מיט אַ זײַדן קאָלירט טיכל אין א, פֿון רעקל„,
א. זאַק פֿאָר, 9 1961 ▯I.

,

אייבערטראַנקמײַסטער — דער, ־ס. שׂר
המשקים. שעף איבער די אַלקאָהאָלישע
געטראַנקען פֿון קיניגלעכן הויף. „און פּרעה
האָט געצערנט אויף זײַנע צוויי הויפֿדינער,
אויף דעם א'...און דעם אייבערבעקער (←)“,
תּי, בּראשית, מ, 2. אויך: ~
טרינקמײַסטער — „און דער א', דער שׂר המשקים
האָט נעבעך אַזוי שטאַרק געוואָלט פֿאַרגעסן“,
הלל זײַדמאַן, טמז, 28 1962 XII.

אייבערטר▯אַסיש — אַדי. (געאָלאָגיע) וואָס
האָט אַ שײַכות צו דער לעצטער תּקופֿה פֿון
דער טריִאַסישער ערע. ← אונטערטריִאַסיש.

אייבערטריבונאַל — דער, ־ן. 1. העכסטע
געריכטלעכע אינסטאַנץ אין מיליטער, בעת אַ

מלחמה אָדער בײַ פּאָליטישע איבערקערענישן.
„נאָר דאָס א, האָט דעם פּסק מבֿטל געווען„,,
קמ, 2 .43 1864, No. העכסטע
אינטערנאַציאָנאַלע געריכטלעכע אינסטאַנץ.

אײבערטרעסער — דער, ־ס. הויפּט־
טרעפֿער. הויפּט־געווינער. „וועט זיו ניט מיט אים,
ער איז אַן א',,, רייד.
אײבערטשינאָווניק — דעו, ־עס.
עלטסטער, העכסטער רוסישער באַאַמטער. ‟איך בין
אײַך געקומען מעלדן דאָס אַן אונטערצינאָווניק
האָט באַליידיקט אַן א',,, אמד, מיכאל ברינדזע,
ווילנע 1876.
אײבעריאַק — דער, ־ן (־עס). פּפֿ: ~יאַקע,
די. אײבערשטע יאַקע, אײבעררעקל (געהערט
צו די אײבערמלבושים).
אײבעריאַקל — דאַס, ־עך. פֿרויען־מלבוש
וואָס איז קורץ (ביז צו דער טאַליע) און וואָס
מע טראָגט איבער דער בלוזע אָדער איבערן
קלייד. אַ וואָלן א,.
אײבעריוראַש — אַדי. (געאָלאָגיע) וואָס האָט
אַ שײַכות צו דער לעצטער תּקופֿה פֿון דער
יוראָשער ערע. ← אונטעריוראַש.

אייבער־יחוס — [..ייִכעס] דער, ־ן. לאַנגאָניקער, געהויבענער יחוס. „מע מוז האַלטן אַן אויג אויף דעם א, פֿון ייִדיש„, יג, טמז, 17 I 1965. ־דיק — אַדי.

אייבעריק — אַדי. אַרכ. וואָס עס איז העכער, בעסער, האָט מער מעלות; וואָס שטײַגט איבער. ← אייבערדיק. ← דוווו.

אייבעריקייט — די (דאָס), ־ן. אַרכ. העכערע מאַכט. „איר מוזט צו זעהין...דאשׂ אײַך דיא אובריגקייט אין המבורג רשות גיבט“, גה, 242. „איך...וויל פֿר שטין איהרי אובריקייט [אין ווילנער אויסגאַבע תּר„ד: העכערקיי]“, א. פֿאַוויר איבז, בחינות עולם, זשאָלקעוו תּקס„ה.

אייבערכאַלאַ'ט — דער, ־ן. כאַלאַט וואָס מע טראָגט איבער אַנדערע מלבושים. „ייִדן

אייבערל

מוזן סראָגן...אַ ספּעציעלן הוט, ווי אַ האָרן פֿון אַ בהמה, מיט אַ שפּיץ, אַן א, פֿון אַ געלן זשאַווער־קאָליר, מיט אַ שאַנדצייכן, אַ לאַטע אָנגענייט“, טמז, 1962 12.

אייבערל — דאָס, ־עך. עפּעס אַ קליינע זאַך
וואָס מע טראָגט איבער די האָר (אַ ט□כל, אַ
הײַבל אע). "דאָס א, בײַ דער קעלנערין איז
אַ טייל פֿון איר אוניפֿאָרעם", רייד. „ס'קומט
אַרײַן שטיל, אין דעם ווײַסן פֿאַרטעכל, מיטן
ווײַסן א, אויפֿן קאָפּ, דאָס נײַע דינסטמיידל",
א. שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 3 ,l962, No.
אייבערלאָג — דער, ־ן. 1. אויך: ~לאַגע,
די. יעדער מין סופּיט אָדער סטעליע. אַן א,
פֿון ברעטלעך. פֿון דער הויכער א'ע הענגט
אַראָפּ אַ בליצלאָמפּ. 2. יעדער מין זאַך וואָס
מע לייגט אַרויף פֿון אויבן. „פֿאַרגעסט ניט
די צעראַטעס, דעם א, פֿאַר די באַלן סחורה,,,
רייד.
אייבערלאָד — דער, ־ן. 1. דזוו אייבערטיר
(←). „אַ מלאך איז געקומען און האָט
אויפֿגעהויבן דעם א, פֿון דער טיר פֿון געצעלט,,,
מהמ I, יט. 2. דזוו איבערלאָדונג. אַזאַ א,
מיט ציגל אַז דער וו□כן רירט זיך ניט פֿון
אָרט.
אייבערלאַטוטניק — דער, ־ס. איר ווענן
אַ שלעכטן בעל־מלאָכה, ספּעצ ווענן אַ שנײַדער
אָדער שוסטער.
אייבערלאַטע — די, ־ס. לאַטע (פֿון

וועבשטאָף, לעדער אע) אויף די עלנבויגנס פֿון די אַרבל אָדער אוף די קני פֿון נײַע מלבושים.

אייבערלאָך — די, ~לעכער. לאָך אויפֿן אייבערטייל פֿון אַ זאַך. „און, אויף דער הול ווש גימאכט איין אובר לוך, וואַל צו גמכט מיט איינר דעק„, כּ„י דע ראָסי, 'איין מעשׂה בֿון שלמה המלך', ברעשיע 1570, [וואַכשטיינבוך, ייִוואָ 1939].

אייבערלאַמטערן — דער, ־ס. לאַמטערן פֿון אויבן. צונאָמען פֿאַר אַ הויכן מענטש אָדער אַ בעל־גאווה.

אייבערלאָמפּ — דער, ־ן. לאָמפּ אין דער סטעליע. אָנצינדן אַלע א'ן.

אייבערלאַנד — דאָס. מצ נב. (טייל פֿון לאַנד וואָס ליגט הויך איבער דער ים־פֿלאַך. דאָס וואַלדיקע א'. דער שניי פֿון א'.

אייבערלאַקן — דער, ־ס. דזוו אייבערלײַלעך ←. לאָקל (קורלאַנד, זאַמעט). „...געלעגן אין בעט אונטער דער אַטלעס־דעקע...[מיט] דעם אונטערגענייטן א', צבֿי רעצקער, ייִפֿאָל, 1888, No 13־14.

אייבערלויףI — דער, ־ן. העכערער טייל פֿון אַ שטראָם, אַ טײַך, אַ טײַכל; אייבערשטער

לויף. דער געדריידלטער און האַסטיקער א,
און דער ברייטער, פּאַמעלעכער אונטערלויף
 ., בּ2).
אייבערלופּ — די, ־ן. וורר. דיקע אייבערשטע
ליפּ. „אַ יידענע מיט אַן א, און מיט אַ
גוידער“, רייד.
אייבערלופּע ־— די, ־ס. דאָס אייבערשטע

1(55

פאַרגרעסערגלאָז פֿון אַ שפּאַקטיוו אָדער
ענלעכן אינסטרומענט.
אייבערלופֿט — די. מצ נבֿ. אייבערשטע
שיכט פֿון דער אַטמאָספֿער. די דינע,
שיטערע א'.
א דער (די), ־ן. אויך: ~ליופֿט,
1. אייבערשטע פֿאָרטקע פֿון
א פֿענצטער פֿאָרטקעלע פֿאַרמאַך די א',
פֿלי—   .   .   „
גן וועלן אַרײַנפֿליִען,„ רייד. „אויף די שויבן
פֿון א, האָבן געבליט פֿראָסטביימער, וואָס
האָבן דערמאַנט אין סיביר און ארץ־ישׂראל“,
באַש, מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב. 2. קליין
פֿענצטערל לעבן סופֿיט אויף דורכצולופֿטערן

דאָס צימער, די שטוב.
אייבערלופֿטן — (גנבֿים־שפּראַך) אין פֿראַזע:
*גיין אויף א, = דורכפֿירן אַ גניבֿה.
אייבערלופֿע — די, ־ס. אייבערשטע רער
אין אַ צווייערעריקער ביקס.
אייבערליד, ־ליט — דאָס & די.: M
ol)er. 1־1it. צודעק, איבערדעק, דעקל. טוו
פֿאַר 'כפּרת, (שמות, כה, 17 אאַ). אַזוי סהמ
(,,אויבר ליד פֿון דעם אָרון,,), אַזוי אויך באר
משה. 2. טוו אויך פֿאַר 'משקוף, (שמות, יב,
7). ← אייבערטיר. דאָס טוו געבליבן אין פּאָד
ביז אין 20. י"ה.
אייבערליופֿט — ← אייבערלופֿט, דער.
אייבערלייַב — דאָס, ־ער ון]. אייבערשטער
טייל פֿון גוף, ביזן גאַרטל, ביז דער טאַליע.
ברוסט. "דער א, געבויגן צו שפּרינגען עמעצן
אין אָרעם,,, יהואָש, 'פֿופֿצן'.
אייבערלייַבוועכטער — דער, ־ס.
קאָמאַנדיר פֿון אַ ספּעציעלער באַוואָפֿנטער גרופּע וואָס
האָט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרהיטן דאָס לעבן פֿון
אַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן (מלך, פּרעזידענט
אע). טוו פֿאַר 'שׂר הטבחים'. ,,און האָט מיך
אַרײַנגעזעצט אין דער וואַך פֿון דעם א'ס

הויז“, תּי, בּראש􏰀ת, מ, 10.
אייבּערלײַט — די, מצ פֿון אייבּערמאַן.
עלטסטע, אָנפֿירערס, הויפּטלײַט. ,,און די זין
פֿון דודן זײַנען געווען א',,, תּי, שמואל בּ,
ח, 18. ,,און, ער שלוג אין דער שאַר פֿון
דעם קיניג...הונדרט און, פֿינף און, אַכציג
טויזינט, אייטיל אובּר לײַט,,, סהמ, מלכים בּ,
יט, 35.
אייבּערלײַטונג — די, ־ען. דטשמ. העכסטע
אָנפֿירונג. ,,און בּיז אַהער זענען אַלע
רעליגיעס [אין עסטרײַך] געשטאַנען אונטער איין
א'“, קמ, 1865 6, No.
אייבּערלײַלעך — דער, ־ער. לײַלעך איבּער
דעם ליגנדיקן קערפּער (אונטער דער קאָלדרע).
אַ דעקע מיט אַ צוגענייטן א, פֿאַרבּעטן אַ
.
בּעט מיט אַן א, בּלויז, אָן אַ דעק(ע).
אייבּערלײַסט — די, ־ן. לײַסט וואָס קומט
אויבּן. אַרומקלאַפּן מיט א'ן די צעקראַצטע
ווענט. דער האָן זיצט אויף דער א'.
אייבּערליפּ — די, ־ן. 1. אייבּערשטע ליפּ.
אַ צעשפּאָלט􏰀ע א.. ערשטע ליבטיקע
הערעלעך אויף דער א'. 2. וואָנץ, וואָנצע, וואָנסע.
אורח, 43, פֿאַרטײַטשט 'שפֿמו, (שמואל בּ,

(.3 .[„וואָנסעס„ :תּי] „זײַן א' :(25 ,יט
באָטאַניק) אייבערשטער טייל פֿון די ליפּן בײַ
אַ בלום.
אייבערלעדער — די, ־ן. .1 ווייכע לעדער,
ווערט געניצט פֿאַר כאָליעוועס, אייבערטיילן
פֿון שובוואַרג, האַנטבײַטלען אע. „קעלבער
גיבן אַ זייער שיין, גרינג, איידל און דאָך
שטאַרק א'„. וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר
לעדעראויסאַרבעט I, פּעטראָגראַד .1922 „אַרויפֿצי
פֿון א, אויפֿן פֿוסטריט־לעדער מיט אַ מאַשין“,
ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו .1928
.2 לעדערנער פּאַס פֿון אויבן. פֿאַרריכטן די
א', כּדי די רעדער פֿון דער מאַשין זאָלן
ווידער זיך דרייען.
אייבערלעצל — דאָס, ־עך. (שנײַדערײַ) לאַץ
וואָס איז אויבן בײַ אַ וועסטל. פֿרגל אונטערלעצל.
אייבערלערער — דער, ־ס. הויפּט־לערער
אין אַ שול וואו עס זײַנען דאָ נאָך אַנדערע
לערערס. לערער אין די העכערע קלאַסן פֿון
אַ מיטלשול, לערערקורסן אע. דירעקטאָר פֿון
אַ שול. אַן א, מיט צוויי געהילפֿן. „אַכטונג

צו געבן אויף די מלמדים אין די לערהײַזער האָט די געמיינדע געהאַט דערויף אַ סופֿר דמתא — אַן אַרט אינספּעקטאָר אָדער אַן א', וואָס האָט געלערנט, געעפֿנט די קורסן פֿאַר מלמדים", ממוס, שלמה.

אייבערלץ — [...לעץ] דער, ־ים [...לייצי]. איר, וויצלינג. אָפּלאַכער. „ער האָט באַוויזן אַ בריהשאַפֿט — ער איז גלײַכצײַטיק אַן א, און אַ פּאָדלעץ", רייד [ווש: פּאָד = אונטע].

אייבערמאָגן — דער, ־ס. 1. אייבערשטער טייל פֿון מאָגן (בײַ מענטשן). 2. העכסטער מאָגן בײַ מעלה גירהדיקע בעלי־חיים. ליגט נעענטער צו דער שלונג.

אייבערמאַטעריאַל — דער (דאַס), ־ן. וועבשטאָף, לעדער אע פֿון אַ בעסערער קוואַליטעט; מע מאַכט פֿון דעם קליידער, שוכוואַרג (אין די פֿאַרטיקע זאַכן קומט אויך געוויינלעך צו אונטערשלאַק אָדער פּאָדשעווקע — אַ וואָלוועלער מאַטעריאַל). „אַזאַ לעדער („כראָם") גייט אויפֿן א, פֿון שיך„, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928.

אייבערמאַכט — די, ־ן. 1. פֿולע מאַכט, העכסטע מדרגה פֿון מאַכט. „ער פֿאַרמאָגט עפּעס

אַן א, צו געווינען פֿאַר זיך מענטשן,,, רייד.
,,די מדינה טיילט אויס אַ חלק פֿון איר א,
און גיט עס איבער דעם מיעוט־פֿאָלק,,, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922. ,,דען צו אים
[גאָט] געהער אַליינט די דינשט און, אַכפּרקייט
און, ער האָט די אבר מאַכט איבר אַלי עולמות,,,
עזז. ז/ג. 2. דזוו אייבערהאַנט. ,,מייערכאָלד
...האָט געבראָכן דעם שטרענגן אויטאָריטעט
און די אומבּאַשרענקטע א, פֿון דער
ליטעראַטור אין טעאַטער,,, מוק, טעאַטער....
אייבערמאַכער — דער, ־ס. 1. הויפּט־
מאַכער. ,,מע דאַרף גלײַך גיין צום א', צום
קאָפּ", רייד. שפּאַסיק: ,,ער איז ניט קיין א',
אַן אונטערמאַכער איז ער יאָ". 2. ווער עס
פֿאַרנעמט זיך מיט מאַכינאַציעס, שווינדלערישע
מעשׂים.

אייבערמאַן

אייבערמאַן — דער, ~לײַט [אצ אַ סך
זעלטענער ווי מצ]. אָנפֿירער, אויפֿפּאַסער,
בעלהשגחה. זיי אַרבעטן אָן אַן א'.
אייבערמאַנטל — דער, ־ען. פּאַלטאָ, פּאַלטן;
לאַנגער אייבערבגד (פֿאַר אַ מאַן אָדער אַ

פֿרוי) בֿיז איבֿער די קני. „ער האָט דערזען
אַז אויפֿן טיש ליגט אַ בֿריוו און אויף דער
וואַנט הענגט נישט זײַן טאָכטערס א',„ א.
נוסבֿאַום, פּעסעלע די גאַבֿעטע, וואַרשע 1885.
2. אייבֿערבֿגד פֿון אַן אומבֿאַשטימטער פֿאָרעם.
„זי איז געווען אײַנגעהילט אין אַ פּורפּורנעם
א', בֿאַנייט מיט צאַרטע ליליעס,„ ש. איזבֿאַן,
טמז, 1964 ▯ 12. 3. פֿיג. דרויסנדיקע פֿאָרעם.
אַן א, צו פֿאַרדעקן הינטישע שטיק. „אונטערן
וואָרט בֿילדונג פֿאַרשטייט ער ניט די פֿאָרעם,
ניט דעם א', ער מיינט אמתע מענטשן־
בֿילדונג,„ פּרץ, ליטעראַטור און לעבֿן.
אייבֿערמאָס — די, ־ן. מאָס וואָס איז מער
וויפֿל ס'וואָלט בֿאַדאַרפֿט זײַן. נעמען אַן א,
און אויפֿנייען אַ זאַק, ניט קיין מאַרינאַרקע.
אייבֿערמיין — דער, ־ען. אַלגעמיינער מיין,
בֿאַטײַט וואָס איז ניט ספּעציפֿיש. ←
אונטערמיין.
אייבֿערמײַסטער — דער, ־ס. הויפּט־
מײַסטער; וויכטיקסטער צווישן מײַסטערס. „אַ
שוסטער אַן א', אָבֿער אַ שנײַדער איז ער אַ
פּאַרטאַטש“, איר וועגן אַ שנײַדער. „,...
אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט דעם א' ▯ זש, טמז,

23 1966 I. ־יש — אַדי. ▯ שאַפּט.

אייבערמין — דער, ־ים. מין וואָס נעמט אַרום אַ צאָל אונטערמינען (←.).

אייבערמלבּוש — [...מאַלבּעש] דער, ־ים [...מלבּושים]. אייבערבּגד. אַ נײַער (אַ צעריסענער) א'. „די הוצאות זענען אין לשער. צו די מלבּושים פֿעלט נאָך אַ זײַדן א'“, פּרץ, בּילדער און סקיצן. „ער האָט אויף זיך געכאַפּט זײַן א, (פּאַלטאָ) און איז אַוועק צו דעם פֿעטער„, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. „בּראָשקעס וועלן ווערן געטראָגן אויף די קלאַפּעס פֿון א'ים“, פֿאָר, 29 1965 IX.

אייבערמלך — [...מיילעה דער, ־ים [... מעלאָכי▯]. מלך איבּער אַ צאָל מלכים. אַן א, איבּער די מלכים פֿון בּאַזונדערע מדינות.

אייבערמלמד — [...מעלאַמע▯] דער, ־ים [... מעלאַמדי▯]. עלטסטער מלמד, הויפּט־מלמד. סתּם מלמד, איר. „דער א, — להבֿדיל בּין טהרה וטומאה — פּריקאַזעוועט זיך אָפּצוּוואַשן„, ארז, קמ, 27 1870, No.

אייבער־ממונה — [...מעמונע] דער, ־נים. דער הויפּט אָדער דער וויכטיקסטער פֿון די וואָס זײַנען ממונה, האָבּן די פֿולמאַכט, איבּער

עפּעס אָדער איבּער עמעצן. „צוועלף (מזלות) האבּ איך בּישאַפֿן אויף דעם הימל, און, איבּר איין איטליכן (מזל) האבּ איך בּישאַפֿן דרײַסיג אובּר (ממונים)“, עח, ג/ב.

אייבּער־מנקר — [...מענאַקער] דער, ־ים. הויפּט־מנקר; מנקר מיט דער העכסטער אויטאָריטעט אויף זײַן געבּיט. „זעט נאָר...אויבּ מע דאַרף האָבּן אַזוי פֿיל שוחטים מיט מנקרים,

1()56

א'ים, אויפֿזעער און קוקער אויף זיי?“, צעד. א

אייבּערמעלה — [...מײַלע] די, ־לות. העכסטע מעלה. „חוץ די אַלע דערמאָנטע מעלות האָט ער נאָך אַן א, — ער איז איין פּאַס־ א קודניאַק אין דער וועלט“, רייד. „האָט נאָך אײַנגעשלאָסן אין זיך די קרוינענדיקע ייִדישע א, — די ייִדישע משיחות“, בּ. ריווקין, אַ א גלויבּן פֿאַר אומגלויבּיקע.

אייבּערמענטש — דער, ־ן. 1. מענטש פֿון אַ קומענדיקער צײַט וואָס וועט פֿיזיש און גײַסטיק זײַן אַ העכערער שטאַפּל אין דער א עוואָלוציע, וואָס וועט לעבּן מיט אינגאַנצן אַן אַנדער שטייגער לעבּן און מיט אַן אַנדער

מאָראַל, מיט אַ שטאַרקן ווילן צו מאַכט [לויט
,,א'ן — דאָס הייסט אַ העכערער טי   א
פּ פֿון
דער שיטה פֿון פֿרידריך ניצשע, 1844—1900].

דעם מין מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן
פֿון דער מענטשהייט, ווי דער מענטש האָט
זיך אַרויסגעריסן פֿון דער חיה.... זײַ דו אַזאַ
א', רײַס זיך אַרויס פֿון דעם מאָראַלישן
גדר, שטעל זיך פֿון יענער זײַט 'גוט, און
דערמאָנטע שיטה]. [די נאַציס האָבן אויסגע־   א
'שלעכט'", זשיט I [בײַם כאַראַקטעריזירן די

ניצט דעם טערמין און די שיטה, זיך
דערקלערט פֿאַר א'ן וואָס זײַנען באַשטימט צו
הערשן איבער דער וועלט און האָבן דאָס   א
רעכט אומצוברענגען אַלע 'מינערווערטיקע,
מענטשן, אין דער ערשטער ריי אַלע ייִדן. איז
די טעאָריע וועגן א, געוואָרן זייערע אַ '
פֿילאָסאָפֿישע, באַגרינדונג און באַרעכטיקונג פֿאַר
אַלע רציחות און פֿאַרן אומברענגען די זעקס
מיליאָן קדושים.] ← אונטערמענטש. ←
איבערמענטש. ,,די וועלט־מלחמה...איז אַ קאַמף פֿון   א
דעם 'א'ן, קעגן דעם אייבערשטן,,, גדליה

בובליק, מז, 1942.
2. מענטש פֿון גײַסט און מעשׂים־טובֿים
[נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זן]. „ער,
אָט דער איינזאַמער אַריסטאָקראַט פֿון גײַסט, א
דער נבֿיא פֿון דעם א'“, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. ־לעך — אַדי.
אייבערמעקלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע,
־ס. אויפֿטועריש ער מעקלער, אַזאַ וואָס האָט
אייגענע אַגענטן און כּלערליי פֿאַרבינדונגען.
אַן א, בײַם גראַף פּאָטאָצקי. א
אייבערמערדער — דער, ־ס. שרעקלעכער,
מאָנסטעריעזער מערדער. די נאַצישע א'ס.
אייבערמשגיחה — [...מאַזשגיעך] דער, ־ים א
[...מאַזשגיכים]. הויפּט־משגיח. הויפּט־
אויפֿזעער. לויט ל2 דזוו אינטענדאַנט.
אייבערמשרת — [...מעשאָרעס] דער, ־ים
[...שאָרסי]. הויפּט־באַדינער. הויפּט־משרת.
עלטסטער, וויכטיקסטער צווישן משרתים. ←
אונטערמשרת. זיך אַרויפֿאַרבעטן און ווערן
אַן א, בײַם אונטערמשרת. „דערווײַל איז ער
אַ משרתל, מוז קערן די קלייט...און קריגט א
אַ נאָמען פֿאַר אַ בריה. ער ווערט שוין אַן א„
איז שוין אָנגעטאָן ווי אַ טאָק“, נחום נרײַעוו
(מסלוצק, יאָרק, פּ„ע), ייִפֿאָל, 4 1882, No. א

אייבערנאָט — די, ~נעט. נאָט פֿון אויבן.
← אונטערנאָט.

אייבערסטראַזשניק
ייִבערנאַטשאַלניק — דער, ־עס.
העכסטעך באַאַמטער אין אַ רוסישן אַמס.
אונטערנאַטשאַלניק.
ייִבערנאַר — דער, ־ן, ־אָנים. איר וועגן
אַ גרויסן נאַר. „רוף אים ניט פשוט נאַר,
ער איז אַן א',,, רייד.
ייִבערנאָרמע — די, ־ס. נאָרמע וואָס איז
צו גרויס, מער ווי נייטיק אָדער ווי געוויינלעך.
צושטעלן אַן א, ביים פֿלינקן אַרבעטן.
צושטעלן א'ס צו העלפֿן העכערן די פּראָדוקציע.
ייִבערניר — די, ־ו. גיל, דריז וואָס איז
איבער דער ניר. אויך: א'־גיל. „,...
האָרמאָנען־פֿאַבריקן...די שילדגיל, די א'ן־גילן,,, ט.
בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927.
ייִבער־נעגלשניידער — דער, ־ס.
הויפּטנעגלשניידער. איר טיטל [דוגמא ווי אַזוי מע
קען מיטן צוגאָב פֿון פּרעפֿ אייבער שאַפֿן
כלערליי 'טיטלען']. „און דעם א'־נ', וועלכער
איז צוגלייך געוועזן...דער גאַנצער רעדלפֿירער,
איז געוואָרן גאָרניט היימלעך“, יהואָש, ,

כאַכאַ־כאַ, אַ קאָנסטיטוציע'.
ייִבערנעכטן — אַדוו. שפּאַסיק, איר. אייערנעכטן. „טאַקע אַזוי, זאָגסט דעם אמת. עס איז געשען א',,, רייד.

□

ייִבערנפּש — [...נעפֿעש] דער, ־ות [... נעפֿאַשעס]. 1. נשמה־ית(י)רה. „נאַטירלעך האָט דער פּאָעט לכתּחילה געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן אַ נפֿש וואָס קאָן זיך אויסשטרעקן בּיז מסירתנפֿש — אַ נפֿש מיט אַן א, — אַ נשמה־יתרה,,,, בּ. ריווקין, צוק, מאַרץ 1936. 2. איר וועגן אַ קנאַפּן נפֿש.
ייִבערנצהון — [...ניצאָכן] דער, ־ות [... ניצכוינעס]. אויסערגעוויינלעכער נצחון. „איז דער ייִדישער קיום צוגעשפּאַנט געוואָרן צו אַ קינפֿטיקן גײַסטיקן א, דורך משיחן“, בּ. ריווקין, אַ גלויבּן....
ייִבּערסאָווע'ט — דער, ־ן. העכסטער סאָוועט (אין אַ בּאַזונדערן טייל אָדער אין דעם גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבּאַנד). „אין אַ בּאַזונדער רעמל הענגען די דרײַ אוקאַזן פֿונעם פּרעזידיום פֿון א',,, ש. גאָרדאָן, סאָוו, היימלאַנד,

.No '19▯1 3

ייִבּערסאַרווער — דער, ־ס. וונ ־קע, ־ס. הויפּט־סאַרוועער, עלטסטער איבּער די וואָס דערלאַנגען צו די טישן אויף אַ שׂמחה.

-

ייִבּערסבּרה — [...סוואָרע] די, ־רות.
1. קונציקע, אויסגעדריידלטע סבֿרה. „ניטאָ דאָ קיין חריפֿות און א'רות. ס'איז פֿלאַך ווי דער אמת“, י▯ו, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.
2. סבֿרה וואָס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל. „וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ משונה־ווילדע זאַכן? וואָס פֿאַר אַ מיני רייד...א'רות, קינדערשפּיל„, ש פֿרוג III, נ„י 1910.

▯

ייִבּערסטאָן — דער, ־ען. הויכער סטאָן, טאַליע וואָס קומט העכער ווי געוויינלעך. אַ קלייד מיט אַן א'.

ייִבּערסטראַזשניק — דער, ־עס. הויפּט, עלטסטער פֿון די סטראַזשניקעס (פּאָליציסטן, גרענעץ־היטערס) אין צאַרישן רוסלאַנד. „דער

א, איז אַרויסגעקומען זוכן בײַם אַרײַנפֿאָר אין שטאָט“, ייִפֿאָל, 26 l887, No.

אייבערסטרוזש — דער, ־ן, ־עס. הויפּטשומר פֿון אַ הויז, אַ געשעפֿט. אַן א, אַ שיכור. “וואָס היטסטו אונדז? ביסט געוואָרן אַן א'?„ רייד.

אייבערעולם — [...אוילע□ I דער. מצ נבֿ. לײַטישע, חשובֿע געזעלשאַפֿט. „זענען לויטער שפֿלים...און זענען בײַם גאַנצן היגן א, משונה ומבֿוזה„, יפּ.

אייבערערד — די, ־ן. אייבערשטע שיכט ערד. באָדן. ־יק, ־יש — אַדי. א'יקע מינעראַלן. א'ישע געוויקסן.

אייבערערמל — די, מצ ווי אצ. לאַקל (גאַליציע). דזוו אייבעראַרבל. פֿרגל אייבעראַרמל. „אַ בלוזע מיט גאָלדשטיקערײַ...א, פֿונעם שטאָף...„, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925.

אייבערפֿאָדל(י)ע'ץ — דער, ־עס (־ן). וונ נבֿ. מיאוסער, גרויסער אויסוואָרף. „ער איז ניט סתּם אַ פֿאָדלעץ, ער איז אַן א'„ רייד.

אייבערפֿאַלאַטע — די, ־ס. 1. העכערע

געריכט־אינסטאַנץ. איבערקלאָגן אין דער א,.
2. אין פּאַרלאַמענטאַרישע רעזשימען וואָס
האָבן צוויי ,הײַזער, — דאָס אייבערשטע הויז.
[ס'איז לאַוו־דווקא אַז די א, האָט מער דעה
אָדער מאַכט ווי די אונטערפּאַלאַטע] ←
אונטערפּאַלאַטע.
א 'צמײַסטער — דער, ־ס. אויך:
... הויפּט אָדער עלטסטער פֿון
פּאָליציי אין אַ שטאָט. ,,און ווען ער וועט
יאָ טאָן ווי דער א, הייסט, וועט מען מאַכן
דעם טויט“, קמ, 36 1863 'No. ,,ער זאָל ניט
פֿאָלגן דעם א, — האָט ער מורא געהאַט פֿאַר
זיך, ער זאָל אים יאָ פֿאָלגן — האָט ער ווײַטער
מורא געהאַט פֿאַרן רבין“, מעtזיות נוראים
(וועגן ראַדזימינער רבין), פּיעטריקאָוו תּרע,,ד.
אייבערפּאַלעאָזאָאיש — אַדי. (געאָלאָגיע)
וואָס האָט אַ שײַכות צו דעם ייִנגסטן
צײַטאָפּשניט פֿון דער פּאַלעאָזאָאישער ערע. ←
אונטערפּאַלעאָזאָאיש.
אייבערפּאַן — דער, ־עס. הויך־געשטעלטער
פּאַן, פּריץ. ,,ער איז אַן א', די אַרומיקע
פּאַגעס ציטערן פֿאַר אים,,.
אייבערפּאַנצער — דער, ־ס. אייבערשטער
פּאַנצער (פֿאַר דער ברוסט) אָדער די

דרויסנדיקע זײַט. ← אונטערפֿאַנצער.

אייבערפֿאָסטן — דער, ־ן. 1. פֿאָסטן, אַמט פֿון אַ הויכן (דעם העכסטען) ראַנג פֿאַרנעמען
.
דעם א'. 2. פֿאָסטן, וואַך אויף אַ באַרג אָדער בערגל. שטורעמען דעם א'.

אייבערפֿאַרטאַ'טש — דער, ־עס. וונ ־קע, ־ס. איר וועגן אַ גרויסן פֿאַרטאַטש. „ווען וועט דער הער א, פֿאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט?“, רייד.

אייבערפלאַטע — די, ־ס. פלאַטע וואָס קומט פֿון אויבן. ← אונטערפלאַטע.

אייבערפלאַכטע — די, ־ס. שטיק געוועב צום אײַנוויקלען עפּעס אָדער ווי אַ מין לויזער אייבערבגד. ← אונטערפלאַכטע.

1()57

אייבערפליטע — די, ־ס. דער אייבערשטער טייל פֿון אַ פליטע מיט די רינגען, צוצופּאַסן צו טעפּ פֿון פֿאַרשיידענער גרייס. אַן אײַזערנע א'. אָן א, פֿאַר פֿיר טעפּ.

אייבערפּראָקור אַטור — די, ־ן. העכסטע אינסטאַנץ פֿון פּראָקוראַטור. „די א, פֿון פעסט

האָט געמאַכט אַ פּראָצעס [פֿאַרן דרוקן] אַן אַרטיקל 'דאָס פֿאַרייִדישטע אונגאַרן'", ייִפֿאָל, 44 1882, No. ־אָר — הויפּט־פּראָקוראָר.

„דאָרטן איז דאָ אַ פּאַלאַטע, אַן א', עס געפֿינען זיך גרויסע אַדוואָקאַטן", ש. בעקערמאַן, טרײַער משדת, וואַרשע תרמ„ג.

אייבערפּריסטער — דער, ־ס. הויפּט־פּריסטער; עלטסטער גײַסטלעכער. זן כּהן־גדול.

„גאָטס א, זאָל פֿון קיינעם ניט באַפֿעלן קריגן, נאָר פֿון גאָט אַליין,„ יהואָש, ,הורקנוס'. ־יש — אַדי.

אייבערפּריקאַזשטשיק — דער, ־עס. וונ ־יצע, ־ס. הויפּט־־משרת אין אַ געשעפֿט (אין רוסלאַנד). עלטסטער האַנדלס־אָנגעשטעלטער.

אייבערפּרעסער — דער, ־ס. פּרעסער וואָס פֿאַרענדיקט די אַרבעט פֿון פּרעסן (אין שעפּער פֿון נ„י).

-

אייבערסאָטער — דער, ־ס. אַרכ. זיידע; עלטערפֿאָטער. „אונ, פֿון איצונדר, אַן שטאַט דען (כּבֿוד) דשׂ מ□[ן] איבּר פֿאטר דיר גטאן האָט, וויל איך דיך מאַכן ניורן פֿון דײַן (

גדולה),,, שאַר, ט/כ.
אייבּערפֿאַטשיילע — די, ־ס. פֿאַטשיילע וואָס מע טראָגט איבּער אַן אַנדער פֿאַטשיילע, איבּער אַן אונטערפֿאַטשייל(ק)ע (.I). אַ טערקישע א'.
אייבּערפֿאָלק — דאָס, ~פֿעלקער. פֿאָלק וואָס איז העכער, וויכטיקער ווי די אַנדערע פֿעלקער. די נאַציס האָבּן גערעדט וועגן דײַטשישן א'. ← אונטערפֿאָלק. ־יש — אַדי.

אייבּערסאַרבּ — די, ־ן. פֿאַרבּ וואָס קומט אַרויף איבּער אַ צווייטער פֿאַרבּ. ,,דאָ איז נייטיק אַ טונקעלע א', מע זאָל ניט אַרויסזען די פֿאַרבּ פֿון אונטן‘‘, רייד.
אייבּערפֿאַרוואַלטונג — די, ־ען. קליינע גרופּע פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג וואָס פֿירט פֿאַקטיש די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג. ,,עס וואָלטן געדאַרפֿט זײַן...זאַכפֿאַרשטענדיקע גבּאים וואָס זאָלן די א, איבּערנעמען‘‘, צעד.
אייבּערפֿוטער — דער (דאָס), ־ס. 1. פֿוטער וואָס מע טראָגט פֿון אויבּן, איבּער אַלע מלבּושים. 2. פֿוטער מיט דער פֿעל אויף דרויסן.

אַ פּריצישער א'.

-

אייבערסוס — דער. אייבערשטער טייל פֿון פֿוס.

אייבערפֿלאַך פֿלער, די —

— די, ־ן. ~

נר. 1. אייבערשטע שיכט. גלאַטע א'. א, פֿון דער ערד, פֿון ים. אַרויסברענגען אויף דער א'. אַרויפֿשווימען אויף דער א, ווי בוימל אויפֿן וואַסער. די הייך פֿון אַ באַרג פֿון דער ים־א, ביז צו זײַן שפּיץ. ,,אויפֿן א, דערקענסטו גאָרניט, אָבער אינעווייניק אין אים קאָכט עס ווי אַ קעסל‘‘, רייד. ‘‘...צעקנייטשט

אייבערצדיק

געוואָרן ווי פֿון אַ בייז געוויטער די א, פֿון וואַסער‘‘, ווײַס I , 'אָפּגעשטויסן,. ,,דער ים איז רואיק פֿון זײַן מידן צעקנייטשטן א, קוקט ...

אַ סוד אַרויס,,, פּה פֿון ווײַטע לענדער.

,

2. דרויסנדיקע זײַט. ,,דער געבוי פֿון די כלאָראָפֿיל־קערנער איז אײנפֿאַך, מיט גלאַטע א'ן,,, א. ש. זאַקס, דאָס לעבן פֿון פֿלאַנצן. ,,זיי קלעפּן צונויף די א, פֿון מאָגן מיטן שכנישן אָרגאַן“, פֿגעז, ווילנע 1937, No ll.

3. (אויך ד ע ר) מאַט. צוויי־דימענסיאָנאַלער (אין דער לענג און אין דער ברייט) שטח פֿון אַ זײַט אָדער פֿון אַלע דרויסנדיקע זײַטן פֿון אַ קערפּער. א, פֿון אַ קוואַדראַט, פֿון אַ קוב, פֿון אַ קרײַז, פֿון אַ צילינדער, אַ קאָנוס אאַזוו פּולע(ר), זײַטיקע(ר), צילינדרישע(ר),

.

קאָנישע(ר), אַרומיקע(ר), ספֿערישע(ר) א..

4. פֿיג מיט די בב 1־2. ,,דער קריג...האָט אַרויסגערופֿן אויף דער א, דאָס וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן אין דער טיף“, זשיט IX, נ,,י 1919. ,,אַ פֿליסיקער איבערגאַנג פֿונעם לירישן אונטערשטראָם צו אַן עפּישער א',,, שנ, 1924. ,,איז זײַן באַהאַלטענע ביטערקייט אַרויס אויפֿן א',,, מוק, מײַנע באַנעגענישן II. ,,יעדער דיכטער שעפּט פֿון דער טיפֿסטער טיפֿעניש...

און באַנוגנט זיך ניט מיט לא, פֿון זײַן 'איר, ,

שנ, ח, לייוויק ־יק. ־ עך — אַדי. א'ע

.
קונסט. ־יקייט. ־קייט.
אייבערפֿליגל — דער, ־ען (אויך ווי אצ).
האַרטערער פֿליגל (אָדער כמו־פֿליגל) בײַ אַן
אינסעקט איבער דעם פֿליגל וואָס קומט פֿון
אונטן. „די פֿאָדערשטע זײַנען בײַ אים [דעם
מײַ־באַבעלע] געוואָרן בולטע, ברוינע,
האָרנדיקע פֿלעטערלעך וועלכע הייסן א'ען. זיי
באַשיצן...די צאַרטע אונטערשטע הײַטלדיקע
פֿליגל,„ [בע▯] איבז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע,
ווילנע 1924. ־דיק — אַדי.
אייבערפֿלעכלעך — אַדי. דטשמ, אָפּט
געניצט. אויבנאויפֿיק. „פֿאַר אונדז איז גענוג
איין א'ן...בליק צו וואַרפֿן,„ קמ, 29 1868, No.
„באַגרײַפֿט די ביטערנישן פֿון לעבן...גאַנץ א',„
בעמ II. ־קייט.
אייבערפֿלעק — דער, ־ן. (שוסטערײַ)
אייבערשטע לאַטע. לאַטע וואָס קומט אויפֿן
אייבערשטן טייל פֿון שוך. אַרויפֿנייען אַן א'.
אייבערצאָל — די, ־ן. גרעסטע צאָל אין
אַ ריי צאָלן. די א, אין דער אַריטמעטישער
פּראָגרעסיע. ← אונטערצאָל.
אייבערצאָן — דער, ~ציין, ~ציינער.
1. צאָן פֿון דער אייבערשטער ריי ציין. ←

אונטערצאָן. 2. צאָן וואָס וואַקסט איבער אַן
אַנדער צאָן.

אייבערצד — [...צאַ□ I דער, ־דים [...צדאָדים].
שטאַרקערער צד. היפּוך פֿון אונטערצד (←.).

אייבערצדיק — [...צאַדיק] דער, ־ים. גאָר
גרויסער, העכסטער צדיק (איר בײַטעם). „איצט
איז דער פּאַלאַץ פֿון דעם קריסטלעכן א', דעם
פּויפּסט, געווען דער הויפּטפּלאַץ פֿון...
צעלאָזנקייט“, בּ. פֿײַגענבוימ איבּז, א. בּעבּעל, □־י
פֿרוי און דער סאָציאַליזמ.

אייבערצווײַג

אייבערצווײַג — די, ־ן. העכסטע צווײַג
פֿון בּוים. די וועווערקע אויף דער א'.

אייבערצוועל — די, ־ן. אַרכ. M□ □ : ober
ebel□ו□ ,ebe1□י□ + . אייבערטישטעכל. „דער
נוך טוט מן דיא איבּר צוועהל הין ווען און,
נעמט צווייא גנצי בּרוט און, שנײַט זיא ניט
אויף פֿיר דער בּרכה“, ספֿר מנהגים, אַמשט
1723, ז/א.

אייבערצײַג — דאָס, ־ן. (די פֿון מצ אין לד,
ווי געווײנלעך בּיי שטאָפֿנעמען). 1. מאַטעריאַל

וואָס פֿון אים נייט מען מאַנטלען, אָנצוגן
אע. 2. אייבּערשטע זײַט פֿון שטאָף. ←
אונטערצײַג.

אייבּערציך — די, ־ן. אייבּערשטע ציך
וואָס אונטער איר איז דאָ אַן אונטערציך □).
אַ פּערענע האָט געהאַט אַן אונטערציך און
אַן א'.

אייבּערצימער — דאָס, ־ן. געניצט
געווײנלעך די פּקפּ ־ל. בּוידעם־צימער, מאַנסאַרדע.
צימער אויף אַ העכערן (העכסטן) גאָרן. „און
האָט די קעסטל איבּערגעלאָזן בּײַ זיי □ אין
א'ל□, [אנדו], הנסיון, ווילנע 1856.

אייבּערצ□ער — דער, ־ס. 1. זומערמאַנטל.
„שולח אני לך אַ פּאָר קליידער, אַן
אונטערקאַפּאָטע און אַן א',„ א. ד. פֿרידמאַן, בּש,
בּאַרדיטשעוו תּרנ״א. „אין קראָקע האָט ער
פֿאַרקויפֿט זײַן א, און די הויזן“, מ. בּ.
זאַבּיעזענסקי, די שווערע צײַט □ יI, וואַרשע
1887. „קומט אַ מענטש...עלעגאַנט געקליידט,
דער א, מיט דער העלער אונטערלאָג אויפֿן
אַקסל,„ פּרץ, ,די רויז'. 2. שטיק פּאַרמעט,
וואָס מיט אים קלעפּט מען אַרום די בּתּים
(בּתּים־מאַכערײַ, טשערנאָבּי□).

אייבערצעפּל — דאָס, ־עך. 1. צעפּל, צונויפֿגעפֿלאָכטן פֿון די האָר אויבן און אַרײַנגעקעמט אין די האָר (הענגט ניט אַראָפּ). אַ מיידעלע מיט אַן א'. 2. צעפּל איבער אַ חלה.

אייבער־צערעמאָניאַל ▯ מײַסטער — דער, ־ס. הויפֿמאַן, הויפֿמײַסטער וואָס איז דער ממונה איבער צערעמאָניאַלן. „קאַמערפֿרײַלינס, הויפֿמײַסטערס...סוויטנע הויפֿפֿרײַלינס... צערעמאָניאַל־מײַסטערס און דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿון דעם א,־צ,־מ„„ קמ, 37 1866, No.

אייבערקאַט — דער, ־ן. וונ נבֿ. 1. גרויסער, שלעכטער, מיאוסער קאַט, הענקער. 2. אָנפֿירער פֿון אַלפֿאָנסן. 'וויכטיקער, זנות־מעקלער. ← אונטערקאַט.

אייבערקאָלדרע — די, ־ס. קאָלדרע וואָס איז פֿון אויבן, וואָס איז איבער אַ צווייטער קאָלדרע. ← אונטערקאָלדרע.

א אָל ר — דער, ־ס פֿקפֿ אויך:

.

ער 1. אייבערשטער, דרויסנדיקער טייל פֿון קאָלנער. „קאָלנער באַשטייט פֿון אַן אונטערקאָ▯נער און א, (א, הייסט דאָס שטיקל סחורה ווי למשל בײַ אַ פּעלץ איז דאָס פֿוטער)„, ש.ווינטער, 'צו דער טערמינאָלאָגיע

פֿון מלאָכות, [פֿש II, ווילנע 1930]. 2. באַזונדערער פֿוטערנער קאָלנער וואַס מע טוט אָן פֿון אויבן מיט אַ האָקן.

1()58

אייבערקאָמאַנדיר — דער, ־ן. ווײַב פֿון א, — —שע. הויפּט־קאָמאַנדיר. „דער א'... האָט אים אַן אויפֿטראָג געגעבן, ער זאָל אונטערהאַנדלען שלום„, קמ, 20 1863, No.

אייבערקאָמאַנדע — די, ־ס. די פֿאָרעם ~קאָמאַנדאָ — נר. 1. העכסטע מאַכט צו קאָמאַנדירן, צו באַפֿעלן. א, איבער די באַוואָפֿנטע כּוחות. „דער קעניג זאָל גאָר אַליין איבערנעמען דאָס א'דאָ“, קמ, 16 1866, No. 2. גענעראַל־שטאַב פֿון אַן אַרמיי.

אייבערקאַמבּריאַניש — אַדי. (געאָלאָגיע) וואָס האָט אַ שײַכות צו דער לעצטער צײַט פֿון דער קאַמבּריאַנישער תּקופֿה אין דער פּאַלעאָזאָאישער ערע.

אייבערקאַמער — די, ־ן. פֿקפֿ: ~קעמערל. 1. אייבערשטע קאַמער אין אַ הויז. הילצערנע טרעפּלעך פֿירן צו דער א'. וואוינען אין אַן א', גלײַך אונטערן דאַך. 2. ספּעצ אייבערשטער

טייל פֿון האַרץ. 3. דזוו אייבערפּאַלאַטע, בּ2.
← אונטערקאַמער. 4. שפּאַסיק וועגן קאָפּ.
זײַן א, איז ניט אויפֿגערוימט.
אייבּערקאָנדוקטאָר — דער, ־ן.
הויפּטקאָנדוקטאָר. „לייקנט דען דער א, אַז ער האָט
דעם ייִדן...צעשלאָגן?„, יהל, די קאָלאָניסטן,
וואַרשע 1899. „דער א, איז אַרײַנגעקומען מיט
דער לאַמטערנע רעווידירן די בּילעטן„, פּרץ,
'אָן נדן איז ערגער ווי פּאָקן'. „אַ גליק וואָס
עס קומט אַרײַן דער קאָנדוקטאָר מיטן א,
און עס ווערט אַ טומל, אַ מהומה„, שע,
מאָטל.
אייבּערקאַנט — דער, ־ן. קאַנט, זײַט פֿון
אויבּן. אַ קרומלעכער א'. ־יק — אַדי.
אייבּערקאָסטן — די, אצ נבּ. דאָס וואָס
קומט צו צום פּרײַז פֿון אַ סחורה. הוצאות
פֿון טראַנספּאָרטירן, האַלטן אויפֿן לאַגער אע.
די א, בּאַטרעפֿן בּאַלד ווי די סחורה אַליין.
אייבּערקאָפּ — דער, ~קעפּ. פֿקפֿ: ~קעפּל.
הויפּט־טיטל. ערשטער, העכערער קאָפּ אין אַ
צײַטונג (איבּער נײַס אָדער איבּער אַן אַרטיקל).
אַן א, מיט גרויסע אותיות.
אייבּערקאַפּאָ — דער, ־ס. הויכער ראַנג
צווישן קאַפּאָס, גלײַך אונטער דעם

לאַגערקאַפּאָ. אויפֿזעער איבער די צוואַנגס־אַרבעטער
אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ←
אונטערקאַפּאָ.

אייבערקאַפּאָטע — די, ־ס. קאַפּאָטע וואָס
פֿאַרבײַט צום טייל אַ מאַנטל. ←
אונטערקאַפּאָטע. גוטע סחורה אויף אַן א..

אייבערקאַפּטל — דאָס, ־ען, ־עך.
פּרויען־בלוזע אָדער יאַקל וואָס מע טראָגט געוויינלעך
איבער אַן אונטערקאַפּטל (←.).

אייבערקאָרט — די, ־ן. אַ קאָרט וואָס
איז העכער (אין איר אײַנגעשטעלטער ווערט)
ווי די וואָס מיט איר האָט אַרויסגעשפּילט אָ
צווייטער שפּילער. שלאָגן מיט אַן א..

אייבערקאָרע — די, ־ס. דרויסנדיקע שיכט
פֿון קאָרע. די האַרטע א'. ־דיק — אַדי.

אייבערקוכער — דער, ־ס. פּפּ: ~קעכער.
הויפּט־קוכער אין אַ גרויסן רעסטאָראַן,

מיליאייבערקליידל

טערישער איינהייט אע. ← אונטערקוכער. „אַלע
משרתים, פֿון א, ביז צום פּאָמעניצע־טרעגער,
האָבן געהערט...„, ייִט, טאָג, 6 ־ 1959 I.

אייבּערקול — דער, ־ות. פּקפֿ ־כּל [...קעלכ]. 1. קול (פֿון עמעצן) אין די העכסטע טענער. ← אונטערקול. „פֿלעגט דאַוונען מיט משונהווילדע העוויות, מיט אַלערליי א'ות און אונטערקולות“, פּרץ, חסידיש. „האָט זיך מכין געווען און האָט זיך געשטעלט דאַווענען און האָט זיך געלאָזט אויף זײַן א',,, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. 2. גאָר דינע, קוויטשיקע שטים (געווײַנלעך די פּקפֿ). „זאָל דאָס אויסגיין צו דײַן קאָפּ — האָט זי אויסגעשריגן אויף איר א'כּל,,, א. נוסבּאַום, פּעסעלע די גאַבּעטע, וואַרשע 1885. „אַזוי האָט זיך בּרײַנדעלע אויף איר א'כּל אָפּגערעדט, אָדער גלײַכער צו זאָגן — אָפּגעלייענט די מגילה,,, י. בּודזאָהן, אַ גיטראַײע ווײַבּיל חלעבּין, ווילנע 1892.

אייבּערקייט — די (דאָס), ־ן. ־oberee : M

1 .heit, obe1eit. העכערקייט, אייבּערהאַנט; דאָס וואָס שטײַגט איבּער. מעלה. „און, איך האבּ גיפּריבֿט דאשׂ עשׂ אישׂט אובּירקייט צו דער (חכמה) מער ווי די נאַרהייט“, טח, קהלת, ב, 13. [תּי: „די מעלה פֿון חכמה...,,]. 2. מאַכט. הערשנדיקע גרופּע. „מאַגיזטראַטו[ם] —

אויבּרקייט...", א. מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774.
„איך בּין צו דינסט אַלע א, און זיי זײַנען
מיר צו הילף", ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע
1844.
אייבּערקײַער — דער, ־ס. אייבּערשטער
קינבּיין. אַ קלאַפּ אין א', עס זאָלן אַרויספֿאַלן אַ
פּאָר ציין.
אייבּערקין — די (דער), ־ען.
אַרויסשטאַרצנדיקער בּיין פֿון דעם אייבּערשטן טייל בּאַק.
כינעזער מיט בּולטע א'ען.
אייבּערקלאַנג — דער, ־ען. הויכער קלאַנג
וואָס פֿאַרקלינגט, פֿאַרהילכט נידעריקערע,
שטילערע קלאַנגען. אויך: עכאָ, ווידערקול. די
א'ען פֿון דעם הילכער.
אייבּערקלאַס — דער, ־ן. 1. קלאַס, גרופּע
אין דער געזעלשאַפֿט מיט ספּעציעלע
פּריווילעגיעס. 2. קלאַס (אין בּאָטאַניק, זאָאָלאָגיע)
וואָס צעפֿאַלט זיך אויף אַ צאָל אונטערקלאַסן
□.).
א   ץ — דער, ~קלעצער. פֿקפֿ:
קלאָץ וואָס איז פֿון אויבּן.
אייבּערקלייד — דאָס, ־ער. 1. אייבּערבּגד,
אייבּערמלבּוש. „דען ווען מן אויש ציהט דאשׂ
איבּר קלייד בּלײַבּט דאַך דשׂ העמד אויף דעם

לייַבּ“, עח, לא/ג. „אין זייַן גאָלד־געשטיקטן א, אָנגעטאָן“, קמ, 2 .9 1864, No. ספּעצ מאַנטל. טוו פֿאַר 'מעיל, (שמואל בּ, יג, 18 ▯אַ). „דא ציהט ער און, זיינן מאַנן אויש איר איבּר קליידר און, זיא האטין דרונטר פּאַנצירשׂ און, שווערדר אַן איר לענדין„, יוסיפֿון, אַמשט 1743. 3. דזוו אייבּערקליידל.

אייבּערקליידל — דאָס, ־עך. פֿרויען־ אָנטועכץ אויף דעם אונטער▯טן טייל קערפּער,

אייבּערקנאַקער

פֿון דער טאַליע אַראָפּצו. ← אונטערקלייד. „די קליידער...זאָל ניט זייַן הייַגטיקע מאָדע, דאָס די אונטערקליידלעך איז מער פֿאַר די א'עך„, ליאָנדאָר, נייַער קינסטליכער בּש, ווילנע 1844.

אייבּערקנאַקער — דער, ־ס. ווּנ ־קע, ־ס. (איר, שפּאַסיק) עמעצער וואָס איז צו קלוג אָדער וואָס שטעלט זיך אַרויס פֿאַר אַן אויפֿטוער, אַ בעל־דעה. אַן א, אָן אַ נון.

אייבּערקנעפּל — דער, ־עך. (שפּאַסיק) הויכער באַאַמטער. גיין גלייַך צום א, און אַרייַנרוקן אים אין יד אַרייַן.

אייבּערקעכער — דער, ־ס. דזוו

אייבערקוכער (←). „דער א, האָט אויסגעגעבן אויף נײַע
מאכלים און נאַשעריַ מער ווי אַ...מיניסטער
נעמט...געהאַלט„, קמ, 1863, No 1l.
אייבערקעלנער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע,
־ס. הויפּט־קעלנער. „געסט, וואָס די
בלענדנדע ברונעטין האָט זיי צו פֿיל באַאומרואיקט,
האָבן צוגערופֿן דעם א',„ אַר, 'דער קעלנער'.
„כאַפּן דעם אָנבליק פֿון אַן א, אין אַ
גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן“, שע, בלאָנדזענדע שטערן II.
־יש — אַדי.
אייבערקעפּל — דאָס, ־עך. 1. טיטל, נאָמען
פֿון אַן אַרטיקל, אַ שטיקל נײַס. צוקלײַבן אַ
פּאַסיק א, צו אַן אַרטיקל. 2. (געוויינלעך מצ)
אייבערשפּיצל, אייבער־הסברה. כיטרעקייט. „אָן
א'עך און שפּיצלעך„, שע, סטעמפּעניו. „אָן
המצאָות און א'עך“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
־דיק — אַדי.
אייבערקערפּער — דער, ־ס. אייבערשטער
טייל פֿון קערפּער. „געלאָזט אַראָפּגליטשן פֿון
איר שיינעם א, דעם לײַלעך־מאַנטל“, נאַד
איבז, אַלטענבערג, ווי איך זע עס. „פֿיס האָט
ער געהאַט קרומלעכע און צו קורץ פֿאַר דעם
א„„ באַש, פֿאָר, 29 1965 X. ־לעך — אַדי.

-

אייבערקצבֿ — [...קאַצעוו] דער, ־ים [

קאַצאָווי[illegible]]. הויפּט־קצבֿ. „און פֿלעגט...אַלעמאָל קאַלבֿפֿלייש פֿון זײַן א, אָפּפֿירן„, ספֿר שבֿחי רמ״ל, לעמבערג.

אייבערקראַגן — דער, ־ס. ← אייבערקאָלנער.

אייבערקראַן — דער, ־ען. קראַן פֿון אויבן. קאַלט וואַסער פֿון א'.

אייבערקרײַדיק — אַדי. 1. וואָס געפֿינט

[illegible]יו איבער אַ שיכט קרײַד. א'ער באָדן.

2. (געאָלאָגיע) וואָס האָט אַ שײַכות צו דער עפּאָכע ווען עס האָבן זיך פֿאָרמירט אייבערשטע שיכטן קרײַד. ←. אונטערקרײַדיק.

אייבערראַבינער — דער, ־ס. ווער עס

איז דער הויפּט־ראַבינער איבער אַ גאַנץ לאַנד, אָדער געגנט, אָדער גרויסער שטאָט. „די אומגליקלעכע קרובֿים האָבן...געשריגן און געוויינט איבער דעם א', ער זאָל פֿאָדערן, מע זאָל אָפּגעבן דאָס מת“, קמ, 32 1864, No.

אייבעררעד — די, ~רעדער. פֿקפֿ: ~רעדל. ראָד פֿון אויבן. די קליינע א, און די גרויסע אונטעררעד. די א, פֿון דער מיל.

אייבעררעט — דער, ־ן. פּפֿ: ~ראַט.

1. ראָט, וועד פֿון אַ העכער אינסטאַנץ (פֿון

105

אַ רעגירונג, פֿון אַן אַליין־פֿאַרוואַלטונג, פֿון
אַ געזעלשאַפֿט). דער א, פֿון
אינטערנאַציאָנאַלן באַנק. 2. העכסטער סאָוועט,
העכסטער
רעגירונגס־אָרגאַן און דער איינציקער
געזעצגעבערישער אָרגאַן אין דער רעגירונג פֿון סאָ..
וועטן־פֿאַרבאַנד, ראָכקינד־שקליאַר, ווב.
איבערראָק — דער, ~רעק. 1. מענערישער
מלבוש. סורדו'ט, סו'רדעט, סע'רדעט; לאַנגער
ראָק. „אַן א, וועלכער עס איז געווען גענייט
פֿון גראָבן געוואַנט„, צ. ז. רובינשטיין, דער
שרעקלעכער קנס־מאָל, אַדעס 1883. „ווינטער
פֿלעגט מען פֿאַרזעצן דעם א, אום צו גיין
אין אָפּערע“, יהואָש, פּראָזע. 2. ראָק, רעקל
פֿון אַ פֿרויען־קאָסטיום, איבער אַן
אונטערראָק (←). געוויינלעך אין פֿקפֿ — ~רעקל.

-

איבעררב — [...ראָוו] דער, ~רבנים [...

ראַבּאָנים]. הויפּט־רבֿ. דער א, פֿון ענגלאַנד. די
צוויי ~רבנים פֿון ישׂראל: דער אַשכּנזישער און
דער ספֿרדישער א,.
אייבער־רווה — [...רעוועך] דער, ־ים [...
רעוואָכים]. גרויסער רווח. ראָכקינד־שקליאַר, ווב.
פֿאַרדינען א'־ר'ים.
אייבעררוים — דער, ־ען. טייל פֿון רוים
וואָס איז זייער הויך איבער דער ערד. פֿליִען
אין א'.
אייבערריכטער — דער, ־ס. 1.
הויפּטריכטער פֿון יעדער מין געריכט. ,,דער
זיגלמאַכער האָט נאָכגעמאַכט דעם א'ס
אונטערשריפֿט“, י. בודזאָהן, א ניטראייע ווײַביל
חלעבין, ווילנע 1892. 2. ריכטער פֿון
הויפּטגעריכט. ,,אַ ווערק וואָס זאָל אונדז צײַגן
...פֿון דעם נאָר וואָס אָנגעקומענעם 'גרינעם,
ביזן ייִדישן א',,, שנ, דערציילערס און
ראָמאַניסטן II. ־יש — אַדי.
אייבעררינד — די, ־ן. 1. אייבערקאַרע.
2. דאָס אייבערשטע האַרטע פֿון ברויט. ,,די
עיקר־מצוה איז דיא איבּר רינד, דאשׂ באַקט
פֿאָר,, [— פֿריִער], ספֿר תּחינות פֿיורדא 1714
— □
,
[ייִפֿא, 1939, □]. ← אונטעררינד.

אייבּעררעדל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון
אייבּערראַד ←.

אייבּעררעקל — דאָס, ־עך. אייבּערשט רעקל.
,,זיצן אָן א'עך און טרינקען וויסקי,,, זש,
טמז, 4 □5□19 II.

אייבּעררצון — [...ראָצן] דער. מצ נבּ.
קלאָרער און בּולטער ווילן. ← אונטעררצון.

אייבּערשאַכטע — די, ־ס. שאַכטע אין אַ
מינע וואָס איז ניט טיף אונטער דער ערד,
וואָס אונטער איר איז דאָ אַן אונטערשאַכטע
(←). ראַטעווען די גרעבּערס פֿון דער א'.

אייבּערשאַל — די (דער), ־ן. גרעסערע
שאַל וואָס פֿרויען טראָגן. ,,פֿאַרגעס ניט די
א אַריבּערצוּוואַרפֿן איבּער די פּלייצעס,,, רייד.
,

אייבּערשאַל — דער, ־ן. טייל פֿון
הינטערחלק פֿון אַ בּהמה. ט, פֿון מנקרים. ←
אונטערשאַל. ,,חתיכת גיד הנשה או יד ובלשון
המורגל אבּער שאהל ופּה [בּיאַליסטאָק] נקרא
ראַזאָווע או בּרעק,,, מחנה, 120.

אייבּערשול

אייבּערשאָל — די, ־ן. 1. טעצל, טעלערל
וואָס מע לייגט אַרויף פֿון אויבּן. 2. דזוו

אייבערשאָלעכץ.
אייבערשאָלעכץ — די, ־ן, ־ער. אייבערשטע
שיכט פֿון שאָלעכץ. (← אונטערשאָלעכץ).
אייבערשאָס — דער, ־ן. געוויינלעך פֿקפֿ ־ל.
לאָקל (מעג, בוקאָווינע). לאַנגע פּאָלע.
ברייטע פֿאַלב. „אַ גראַנאַט־קלייד געניית מיט אַן
א'ל“, אַ סגולה פֿאַרן דלות, טשערנאָוויץ [יאָר]
„אַ שוואַרץ טוכקלייד...[דער]...א, פֿאַרענדיקט
מיט סאַמעט“, ז. מוירער, זײַ נישט קיין
וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925.

-

אייבערשאַסט — דאָס (ד), ־ן. דזוו
אייבערקייט. הערשאַפֿט. „אין וועמעס הענט איז
די א'?„, רייד (דענעבאָרג). „ער האָט
דעריבער, צוזאַמען מיט חוזק איבער זײַן קליינקייט,
אַרויסגעוויזן צו פֿיל זײַן טאַטישע א'„, ייִז,
קאַרנאָווסקי.
אייבערשאַצמײַנסטער — דער, ־ס. אַרכ.
הויפּט־קאַסירער; פֿינאַנץ־מיניסטער. „דר גהיישׂן
וואַר ר, חסדאי בן יצחק, דער וואַר זער
(תּקיף) אונ, וואַר איבר שאַץ מײַנשׂטר בײַא
דען קינג פֿון שפּאַניא„, שאַר, לג.

אייבערשדכן — [...שאַדכן] דער, ־ים [...שאַדכאָנים]. שדכן וואָס פֿירט אויס וויכטיקע (רײַכע) שידוכים, וואָס פֿירט צונויף חתן־כּלה פֿון ווײַטע געגנטן. ← אונטערשדכן. דער א, פֿון דער גאַנצער געגנט.

אייבערשוויי▯אַ'ר — דער, ־ן. הויפּטשווייצאַר, דינער וואָס שטייט בײַ דער טיר. ,,דאָס בין איך...דער מלאך פֿון לומדים־מתנגדים...דער א, פֿון שערי־התּלמוד,,, ממוס, ' גלגולים'.

אייבערשוועל — די (דער), ־ן. ברעט, קלאָץ איבער דער טיר. אייבערשטער טייל פֿון אַ רעם פֿון אַ טיר אָדער פֿענצטער. אייבערשטידל. טוו פֿאַר 'משקוף'. ,,אירי בײַא שטידל אונ, אירי איבר שוועלן...דשׂ מאַכט ער אַליז זילבר,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661. ,, האָבן געשפּרענגט אויף די מזוזות...און דער א, פֿון זייערע וואוינונגען,,, קמ, 1866, No 11. ,,דער סופֿיט איז ממש געלעגן אויף די א'ן פֿון די פֿענצטער“, ז. שזר, טמז, 12 ▯ 1964 II.

אייבערשוועסטער — די. מצ ווי אצ (פֿר ־ן). עלטסטע קראַנקנשוועסטער. ,,איך קען [זי] שוין אַ סך יאָרן אַלס א, אין קראַנקנקאַסע

פֿון חיפֿה,,, י. נימצאָוויטש, טמז, 1958 ׳י 5 I.

אייבערשוהט — [...שויכעט] דער, ־ים [... שאָכטים]. וונ ־קע [זײַן פֿרוי]. עלטסטער שוחט אין אַ גרעסערער קהילה. ← אונטערשוחט.

אייבערשויב — די, ־ן. פֿקפֿ — ~שײַבל׳ אייבערשטע שויב. אַ צעבראָכענע א', פֿאַר־. קלעפּט מיט פּאַפּיר.

אייבערשוך — דער, ־שיך. הויכער קאַלאָש׳ גומי־שוך איבערן שוך.

אייבערשול — די, ־ן. 1. ווײַבערשול. ד׳ . טרעפּלעך צו דער א'. זיך אַרײַנכאַפּן אין א, און נעכטיקן דאָרטן. 2. לערן־אינסטיטוציע׳

אייבערשוס

נאָך דער מיטלשול. ,,האָבן סטודענטן פֿון אַלע פֿאַקולטעטן און פֿאַרשיידענע א'ן פֿאָרגעלייגט זייער מיטאַרבעט,,, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

אייבערשוס — דער, ־ן. (וועבערע) פֿאָדעם וואָס ווערט אײַנגעוועבט פֿון אויבן. ← אונטערשוס.

אייבער־שוסט — ..שויפֿעט] דער, ־ים
[...שאָפֿטי]. אייבערריכטער. ,,שלמה המלך האָט זיו דורכגעשמועסט מיט אָט דעם בעטלער און [אײַנגעזען] אַז קיין בעסערן א'־ש, פֿאַר ירושלים וועט ער ניט געפֿיגען, ייִט, טאָג, 5 1958 I.

אייבערשוץ — די. מצ נב. 1. שוץ מצד דער אייבערמאַכט. זיכערע באַשיצונג. זוכן, געפֿינען א'. 2. פּרעזערוואַטיוו.

אייבערשורה — די, ־רות. דזוו אייבערקאָפּ, אייבערקעפּל. ־דיק — אַדי.

אייבערשותּף — דער, ־ים. הויפּט־שותּף. גרעסטער שותּף. ,,דער א, האָט אויסגעקויפֿט די חלקים פֿון די איבעריקע שותּפֿים, רייד. ,,דער אייבערשטער איז דער א, צו אַלע מסחרים,,, ווערטל בײַ סוחרים.

אייבערשט — 1. ← אייבערשט ע. 2. אַרכ. ד ע ר. ראָש. אָנפֿירער. הויפּט. ,,וגם לאובּרשט, ר״ל לראש שלכם,, ,שו״ת מהרי, ווייל,, ווענעציע 1549 [הש I]. ,,און, ער זאָגט יהוחנן, דער אובּרשט אונטער דען פּריצים, יוסיפֿון,

אַמשט 1661. 3. ד אָ ס. אייבערבגד. מאַנטל (בלויז בײַ בערג). „פּאַמעלעך האָט ער פֿון זיך...דאָס א, אַראָפּגעצויגן ׀, נאָך אַלעמען. „אין אָט דעם ווײַסן קלייד זענט איר דאָרטן געשטאַנען, אָן אַן א, פֿון אויבן„..
אייבערשטאָט — די, ~שטעט. 1. הד כערער (באַרגיקער) טייל פֿון שטאָט. ← אונטערשטאָט. 2. שטאָט אין אַ שול אָדער ביתמדרש וואָס איז בײַ דער מזרח־וואַנט אָדער נאָענט צו איר. „ער איז רײַך געוואָרן און איז געוואָרן אַ בעלן צו קריגן אַן א'„, רייד. ־יק, ־יש — אַדי.
אייבער׀שטאַל — די, ־ן. פּקפּ ~שטעלכל. בוידעם פֿון אַ שטאַל. היי און האָבער אין א,. אַרײַנטרייַבן די הינער אין...שטעלכל.
אייבערשטאָל — דאַס (דער). מצ נב. שטאָל פֿון גאָר גוטער קוואַליטעט. גאָלמעסערלעך פֿון א,. ← אונטערשטאָל.
אייבערשטאַלמײַסטער — דער, ־ס. הויפּט פֿון דער פֿערד־אָפּטיילונג (בײַ קיניגן פֿירשטן
,
ווי אויך בײַ אַן אַרמיי אָדער פּאָליציע וואָס האָט קאַוואַלעריע). „אויף דעם רעכטן זײַט [פֿון דער קייסערין] דער א, און פֿון דעם

לינקן — דער קאָמאַנדיר פֿון דער
לײַבגוואַרדיע“, קמ, 37 1866, No.
אײבערשטאָלץ — דער, ־ד. העכסOIער
(איבערגעטריבענער, ניט־פֿאַרדינטע) שטאָלץ.
אײבערשטאַנג — דער, ־ען. שטאַנג,
שטאַבע, דראָנג וואָס געפֿינט זיך פֿון אויבן.
גימנאַסטיק אויפֿן א'.
אײבערשטאַנד — דער, ־ן. 1. העכערער
שטאַנד; העכסטע קאַסטע. אָפּשאַפֿן די א'ן.

1()6()

2. העכערער טייל פֿון אַ גימנאַסטישער
פּידאַמידע.
אײבערשטאַפּל — דער, ־ען. 1. העכערער,
העכסטער שטאַפּל. אַ צעבראָכענער א, פֿון
לייטער. 2. העכערע, העכסטע מדרגה פֿון
אַן אַנטוויקלונג. קומען צום א, פֿון אַ
ציוויליזאַציע.
אײבערשטאָף; — דער, ־ן. (וועב)שטאָף
וואָס מע מאַכט פֿון דעם אײבערמלבושים.
,,רעדט [ע] וועגן די וויכטיקסטע א'ן פֿאַר
מלבושים,,, ל. זאַמעט, ייִשפּ 3 ,XX.
אײבערשטאָק — דער, ־ן. 1. העכערער

אָדער אייבערשטער גאָרן. ← אונטערשטאָק.
2. אייבּערשטע העלפֿט פֿון אַ זײַט אין אַ
צײַטונג. „איבּערזעצן מיר דאָ די סטאַטיאַ און
שטעלן זי אויבּנאָן אויף דעם א'“, ייִפֿאָל,
.No ,1882 26
א בּ — די, ־ן, ~שטיבּער. פֿקפֿ:
1. שטובּ, צימער אויף אַ
העכערן אָדער אויפֿן אייבּערשטן גאָרן (אָדער
אויפֿן דאַך). ← אונטערשטובּ. אַן א, פֿאַר
געסט. „אהוד איז אַרויסגעגאַנגען אין
פֿירהויז און האָט צוגעמאַכט די טירן פֿון דעו
א,“, תּי, שופֿטים, ג, 23. 2. ווײַבערשול.
־יק — אַדי.
אייבּערשטופֿע — די, ־ס. דטשמ נר. העכ..
סטע מדרגה. „דיזער אַרט לעבּן — א, פֿון
בּאַרבּאַרײַ“, בּ פֿײַגענבּוים איבּז, א. בּעבּעל,
.
די פֿרוי און דער סאָציאַליזם, נ„י 1911.
אייבּערשטיבּל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון
אייבּערשטובּ ←. פֿרגל אונטערשטיבּל. 1. שטיבּל,
צימערל אויפֿן העכערן אָדער העכסטן גאָרן.
שטיבּל גלײַך אונטערן דאַך (אויך אויפֿן דאַך).
בּוידעם־צימער, מאַנסאַרדע. „פֿון יאָר תּקי,„בֿ
אַ תּקנה...זאָל דאָס א, פֿון שול...געהערן בּלויז

צו די קירזשנערס און אַז זיי קענען נעמען
אַ ספֿר־תּורה פֿון שול“, [ירוחם באַכראַך, ייִבל
...
III◻יXX, ◻]. „לאָמיר מאַכן אַ קליין געמויערט
א, און לאָמיר אַוועקשטעלן פֿאַר אים אַ
בעט„, תּי, מלכים בּ, ד, 10. „דער בן־יחיד
פֿלעגט צו זיצן אויף אַן א, און האָט געלערנט,
אַזוי ווי דער סדר איז בײַ גבֿירים„, נזבּ,
‚מעשׂה ברבֿ ובן־יחיד'. „מאַכט אָן א'עך,
אַלקערס אין דער זײַט„, ממוס, שירה. „דראַפּע
זיך מיט די זשאַווערנדיקע טרעפּ אויף
בוידעמער און א'עך“, בערג, בײַם דניעפּער II.
2. מוח. קאָפּ — געניצט נאָר לגנאי. ס'איז
בײַ אים עפּעס קאַליע אין א'. עס פֿעלט אים
(עס איז בײַ אים לויז) אַ שרײַפֿל (אַ קליעפּקע,
אַ מוטערקע) אין א'. אין א, איז בײַ אים אַ
הקד◻ עס איז עפּעס דער מער מיט זײַן א'.
אייבערשטידל — דאָס, ־עך. ← אייבערטיר,
בּ1. דזוו אייבערשוועל (←.). „און זיי זאָלן
נעמען פֿון דעם בלוט און אַרויפֿטאָן אויף
ביידע בײַשטידלעך און אויף דעם א'“, תּי,
שמות, יב, 7. „און זענען געצייכנט געוואָרן
מיט...דם פסח אויף דעם א, און אויף די
צוויי מזוזות“, נצ2, קיג/ג.

אייבערשטייסל — דער (דאָס), ־ען (־עך).
דאָס מיט וואָס מע שטויסט אין אַ שטייסל,

אייבערשטע

אין אַ מערזשל. מעטאַלענער שטאַמפּ,
הילצערנע סטופּע. טוקאַטש. מיטן א, צעשטויסן
פּעפּער, מאָן. כשרן אַן א, צו שטויסן מצה.
אייבערשטים — די, ־ען. פּפּ: ~שטימע,
נר. דינע שטים. דיסקאַנט. ← אייבערקול.

אייבערשטיסט — דער, ־ן. שטיפּט וואָס
קומט פּון אויבן. ← אונטערשטיפּט.
אייבערשט ע — אַדי. [דער קלאַנג ר האָט
געווירקט אויפֿן איבערגאַנג פּון ס אין ש]
Mhd: ober—st. 'אייבערשט, אַליין, ווי אַן
אַדי, אָן אַן ענדונג טרעפּט זיך רעלאַטיוו
זן (נייטראַל, מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל,
למשל: אַן א, ציינדל איז אַרויסגעפּאַלן). עס
קומען צו די ענדונגען פּון אַדי: ־ע, ־ער, ־ן.
לויט דער פּאָרעם אַ סופּערלאַטיוו פּון אַן
אַדי ,אייבער, וואָס ווערט ניט געניצט; לויט
באַטײַט ניט שטענדיק אַ סופּערלאַטיוו. זייער
אָפּט סובסטאַנטיווירט. היפּוך פּון אונטערשטע

(פֿרגל).

1. (וועגן גלידער פֿון קערפּער) וואָס איז העכער פֿון אַן אַנדער גליד פֿון אַ פּאָר אָדער פֿון אַ צאָל אַנדערע גלידער. די א'ע ליפּ. די א'ע ציין. אַן א'ער צאָן. א'ע וויִעס. א'ער קינבּיין, מוילבּיין. א'ע הוילע (פּוסטע) ווענע. א'ע ענדגלידער בּײַ אַן אינסעקט. אַן א'(ע) פֿערטל הון. די א, ה ו י ט שיילט זיך. אַראָפּציִען די א'ע הויט פֿון עוף. א'ער פֿ ו ס = פֿון קני אויף אַרויף. א'ער אָ ר ע ם = פֿון עלנבּויגן אויף אַרויף. „אַך איז גוט אַדר צו לאזין...אַן דער האַנט דיא איבּרשטי אַדר“, סור, יט/ב. ← אונטערשטIע'בּ1.

2. וואָס איז איבּער אַ צווייטער זאַך אָדער איבּער אַ צאָל זאַכן פֿון דעם זעלבּיקן סאָרט, מין, קאַטעגאָריע. וואָס איז אַ העכערער טייל פֿון אַ זאַך. א'ער מילשטיין. א'ער קאַסטן פֿון אַ זאַצמאַשין. א'ע קעשענע. א'ער אַ ר בּ ל = א) פֿון עלנבּויגן אויף אַרויף; בּ) דרויסנדיקער אַרבּל, אָן אונטערשלאַק. נעמען איינע פֿון די א'ע בּרעטער. „דאָס א'ע קלייד פֿאַרדעקט די אונטערשטע לייד“, שוו. „דיא ווײַבּיר פֿון דיא איבּירשטי שויל [= שו▯]“, גח, 327. „ווי אַזוי איז אַ מעגלעכקייט געווען

שטעלן אַן א'ן עטאַזש...אַז דער אונסערשטער
עטאַזש...האָט זיך גאָרניט אָנגעהויבן צו זײַן?“,
ממוס, שלמה. ← אונטערשטע, בּ2. אויו אין אַ
צאָל מוזט'ען: א'ע אָקטאַווע, א'ע סיסטעם,
א'ער רעגיסטער, א'ע מעדיאַנטע. „פֿלעגט ער
...אַרויסקנאַקן אַן א'ע צע ווי פֿון אַרבּל„,
ש. וויגאָדאַ, פֿאָר, 9 XII 1962. די א'ע אָזערע
— די גרעסטע אָזערע און די צפֿונדיקסטע אין
קאַנאַדע — .]▯a]▯e 8u]▯erio▯

3. וואָס איז גאַר אויבּן; וואָס איז דאָס
העכסטע, אויפֿן העכסטן אָרט. דאָס א'ע פֿון
קעסל זופּ. די א'ע צווײַג. וואוינען אויפֿן א'ן
גאָרן. אַראָפּנעמען די א'ע קאָרט. שלאָפֿן אין
וואַגאָן אויף דער א'ער בּאַנק. אַרײַנוואַרפֿן אַ
שטיין אין דער א'ער שויבּ. די א'ע שיכט
ערד. די א'ע צען נעמען פֿון דער רשימה.
*גערירט אויפֿן א'ן קאַסטן (קעסטל), גאָרן
(עטאַזש); ניט אין אָרדענונג אין א'ן שטיבּל
(אויפֿן א'ן גאָרן) = צעדרייט, (האַלבּ־)משוגע.

אייבּערשטעל

א'ער ג אַ נ ג אָדער ל ו י ף פֿון אַ טײַך
— צווישן בּערג. *שרײַען אויף די א'ע כּ ל י ם

= זייער הויך, אין גרויס אויפֿרעגונג. די א'ע בּ אַ נ ק אין אַ שוויצבּאָד. עס לעבּט זיך אים גוט (בּעסער) ווי אויף דער א'ער בּאַנק. „אַראָפּצוכאַפּן זיך אין דער געמויערטער בּאָד, אויסצופּרודען די זאַכן...און צו פּאַרען די ביינער אויף דער א'ער בּאַנק...פֿון דער א'ער בּאַנק לאָזן זיך הערן כּל המיני קולות...גוואַלד, פּאַרע!„„ ממוס פֿישקע. *זיצן (זיך אַרויפֿכאַפּן)

,

אויף דער א'ער בּאַנק = זײַן (ווערן) בּיז גאָר חשובֿ, קומען צו אַ הויכער מדרגה.

4. וואָס איז סאָציאַל העכער, העכער איו ראַנג. די א'ע קלאַסן, שטאַנדן, שיכטן. די א'ע צען טויזנט. מלל פֿאַרטײַטשט ,ואל אצילי בּני ישׂראל, (שמות, כד, 11): „דיא אובּרשטן“ [תּי: „אַדללײַט▯]. „דא האָט ער זײַן (סוד) אַנטפּלעקט אַן זײַן איבּרשטר פֿעלד הובּט מאַן“, שאַר, לבֿ/ב. „די א'ע אין ראַנג איז די שעה פֿון זונעונאונטערגאַנג“, יו▯ו:I ראָלניק, גש. *דאָס א'ע פֿון ש ט י י ס ל = דער חשובֿסטער, דער סאַמע ווערטיקער [ווײַל אויבּן אין שטייסל זײַנען תּמיד דאָ די גרעסערע שטיקלעך, בּרעקלעך]. „זיי זײַנען דאָס א'ע פֿון שטייסל, עס גייט זיי פֿון אַלע זײַטן„„ ממוס, טאַקסע. „אַ

חתן, דאָס א'ע פֿון שטייסל, אַ למדן שבלמדנים", פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. צו עמעצן וואָס זוכט כּבֿוד, גדולה: „נעמט אַ שטייסל און שטויסט (שטייסט) אַליין, וועט איר האָבּן דאָס א'ע פֿון שטייסל". *דאָס א'ע פֿון מ י ל ך = דז [ווײַל אויבּן איז די מילך פֿעט]. „ער איז בּײַ אים דאָס א'ע פֿון די מילך", יע, יודישע מאכלים II. *דאָס א'ע פֿון כ ר י י ן, פֿון פּ (י) ע ט ר י ש ק ע — דז, אָבּער איר [ווײַל אויבּן זײַנען נאָר בּלעטלעך וואָס ניצן ניט]. „די גאווה איז בּײַ זיי גרעסער ווי די גדולה, זיי רעכענען זיך פֿאַר די א, פֿון די פּיעטרעשקע", צ. נ. גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. „מיט ציגן־שטאָלץ אײַנגערעדט גאָר אַז ער איז די א'ע כריין", יהואָש, דער הייליקער בּאָק'.

5. וואָס איז אין (אויפֿן) הימל, בּינדט זיך מיט הימל. די א'ע וועלט(ן). „בּאַזינגען דעם נאָמען פֿון גאָט דעם א'ן", תּי, תּהלים, ז, 18. „...לײַכט דער גוף אין קבֿר מיט אַ קלאָר ליכט און איז מקבּל ליכטיקייט פֿון דער א'ער קדושה, און איז זוכה צו הערן סודות התּורה", קה, ווילנע תּרל„ה, כב/א. "...וועט זען אַלע א'ע מלאָכים וואָס ווערן אָנגערופֿן אַבֿלים

פֿון ציון", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער. ,,
דערקלערן דעם באַטײַט פֿון די סאַמע א'ע
געשטאַלטן,,, ייִט, טאָג, 20 1960 I.
6. וואָס איז גײַסטיק העכער, ווערטיקער.
א'ע צדקה, תּשובֿה. ,,די חכמה וואָס מע
באַדאַרף...צו דער תּורה — דאָס איז די א'ע
חכמה,,, חה, ד. ,,איז ער געוואַקסן דאָס וואָס
בײַ אונדז האַלט מען פֿאַר אַן אידעאַל...פֿון
יעדער זאַך דאָס א'ע,,, שע, 'טײַבעלע'.
7. וואָס קומט גאָר אין אָנהייב, סאַמע ערשט.
די א'ע שורה. פֿון אַקדמות, פֿיורדא 1694:
,,ותזכּון — אונ, איר וועט זײַן ווירדיג דאז
איר ווערט זיצין אם איבּרשטן דיא צײַל,,;

1()61

פֿון סדר אַקדמות מיט עבֿרי טײַטש... [
לעמבּערג? אָנהייב 18. י"ה]. ,,זיצין פֿאַר דער
שכינה...אין די אייבּירשטי שורה". ,,איו רײַס
אָפּ פֿון סידור דאָס א'ע ליידיקע בלעטל,,,
ממוס פֿישקע.

8. סובֿ. אַרכ. אָנפֿירער, ראָש. פֿירשט. ,,איך
בין פֿאַר דער איבּרשטר אונטר די גזלנים

גוועזן,,, מבֿ, מעשׂה 10. ,,דאשׂ האבֿין דאשׂ
קיניגשׂ גיטרײַאי אויבֿרשטין גיזעהן אונ, זענין
צו דען קיניג גיקומין,,, גה, 287. ,,דא האבֿן
זיך דר קינג אונ, דר פֿעלד אובֿרשטר לאָזן
(מל) זײַן,,, שאַר, ל כ.
אייבֿערשטעל — די, ־ן. 1. שטעל פֿון
עמעצן וואָס האָט אונטער זיך אַ צאָל
אָנגעשטעלטע אָדער באַאַמטע. ,,זי ענדגילטיק
אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון איר א'", זש, טמז, 1966 III 13.
2 שטעל פֿון אויבֿן. ־יק — אַדי. אַן א,
פֿרוכטקניפּל, א, פּעסטל — א. גאָלאָמבּ אי ו,
באָטש, נעוויקסן, וואַרשע 1922.
אייבֿערשטעלכל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון
אייבֿערשטאַל ←.
אייבֿערשטעמפּל — דער, ־ען. שטעמפּל
וואָס קומט פֿון אויבֿן.
אייבֿערשטענע — דזוו אייבֿערשטע. פֿטמ,
ספּעצ אין לד, אוקר. אויף דער א'ר פּאָליצע.
פֿרגל אונטערשטענע.
אייבֿערשטער — דער. זייער פֿאַרשפּרייטער,
כאַראַקטעריסטישער פֿטמ אויסדרוק צו
באַ,
צייכענען דעם רבונו־של־עולם. < איבֿז (אַל)

עליון, (מלך) עליון, (ד) עליון. דער א,
ברוך הוא. דער א, זאָל — באַהיטן, באַשיצן,
זיך דערבאַרעמען, זיך מרחם זײַן, רחמנות
האָבן (קריגן). געלויבט דער א', געלויבט דעם
א'טן. דער א, זאָל צושיקן (געבן, שענקען)
וואָס איר ווינטשט זיך אַליין. דער א, זאָל
געבן פֿון זײַן כשרער האַנט. דער א, זאָל
(וועט) העלפֿן, דער קראַנקער זאָל געזונט ווערן
(מע זאָל האָבן אַ ביסל פּרנסה אע). אַז דער
א, ווערט שענקען דאָס לעבן (דאָס שטיקעלע
געזונט). דער א, זאָל — זײַן חסד ניט
אָפּטאָן, אײַנהיטן, שומר ומציל זײַן, שומר
ומשמר זײַן, מציל ומשמר זײַן. דער א, זאָל
(ווערט) באַצאָלן, ממלא זײַן. דער א, ווייס,
זעט, הייסט, שטראָפֿט. זאָל דער א, אומקערן
זײַן (דעם רשעס) האַרץ צום גוטן. וויפֿל
דאַנק בין איך שולדיק דעם א'טן. דעם א'טנס
ווילן, רצון. מיט דעם א'טנס הילף. „גאָלד
און זילבער לאָזט מען שטיין אַז דער א,
הייסט צו זיך גיין“; „אַז דער א, וויל ניט,
העלפֿט ניט קיין טאָטער„, שוו. „עשׂ איז גוט
אונ, היפּש צו לובן צו גאָט, אונ, צו לובן
צו דײַנים נאמן, דו איבערשטער ['עליון']“, סהמ,
תּהלים, צב, 2 [תּי: „דו העכסטער]. „און ער

האָט געטענהט צום א'טן: איך האָבֿ...געטאָן
נאָר פֿון דײַן כּבֿוו וועגן“, נחבֿ, ,מעשׂה
מחכם...'. ,,ווי מע מאַכט נאָר אויף די אויגן
נאָך דעם שלאָף, מוז מען זיו איבֿערקלערן
דעם גרויסן חסד וואָס דער א, האָט געטאָן
מיט דעם וואָס ער האָט צוריקגעגעבֿן די נשמה,,,
ח□, ד/ב. ,,איך האָבֿ געחנפֿעט דעם א'טן מיט
זיסע ריידעלעך, זיך געוואָלט אונטערקויפֿן בײַ

אייבֿערשלאַק

אים מיט פֿאַלשע ווערטער,,, ממוס, 'בּישיבֿה
של מטה,. ,,טראַכט איר עפּעס גוטס, זאָל
דער א, מצרף זײַן אײַערע גוטע מחשבֿות
למעשׂה,,, יד, אבֿן נ□ף. ,,יעדערער וואָס
פֿאַרנעמט זיך מיט תּורה — זאָגט דער א,: איו
רעכן דאָס אים פּונקט ווי ער האָט מיך
אויסגעלייזט און מײַנע קינדער פֿון צווישן די
פֿעלקער“, תּניא, רצה. ,,דער שענקער לעבֿט
פֿון דעם א'טן,,, פֿוול [ווש. פֿון רבּונו־
של□
עולם און פֿון דעם וואָס ער דערגיסט ניט
דאָס אייבֿערשטע פֿון גלעז□].

אייבערשטקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל. דאָס
אייבערשטע אין דער וועלט. היפּוך פֿון
אונטערשטקייט ←.
אייבערשטר , ~ טריר

— דער, ־ן.
פֿקפֿ אויך: ~ טרעכ. שטראָך, שטריך פֿון
אויבן; סימן פֿאַר קירצונג, פֿאַר ראָשי־תּיבֿות.
אַפּאָסטראָף. מע קען שרײַבן בעשט אָן א'ן
אָדער בעש״ט מיט א'ן. „בײַ רש„יס תּפֿילין
זענען די שׂערות בײַ די דריטע פּרשה און
בײַ ר„ת'ס אין מיטן בײַ די צווייטע פּרשה.
דער סימן איז די א'שטריכן: רש„י איז דער
א'שטריך בײַם דריטן אות און בײַ ר„ת איז
ן א נער
שרײַבט אַן אות מיט אַן א'שטרעכל
אין
עס זאָל
דער מיט„, ססי I, כג. „ווע

באַטײַטן אַ גאַנץ וואָרט, דהײַנו אַ ק'...מאַכט
קרבן„, איבֿז, תּקוני שבת, אוסטרהא 1818.
אייבערשטראָם — דער, ־ען. שטראָם וואָס

שנײַדט זיך דורך אַ וועג צווישן בערג אָדער אין אַ הויכלאַנד. אייבערשטער טייל פֿון אַ טײַך. פֿרגל אונטערשטראָם. ־יק — אַדי.

אייבערשיטה — די, ־טות. ריכטונג, סיסטעם, געדאַנקען־גאַנג וואָס נעמט אַרום אַ צאָל ענגערע שיטות. אימפּאָזאַנטע, ווערטפֿולע שיטה. ,,סלאָבאָדקע און נאָוואַרעדאָק האָבן זיך געשטיצט אויף דער א, פֿון ישׂראל סאַלאַנטער,,, רייד (קאָוונע).

אייבערשײַבל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון איי,. בערשויב (←.).

אייבערשײַן — די, ־ען. גרויסע, שטאַרקע שײַן אָדער אַזאַ וואָס קומט פֿון אויבן. א, פֿון דער זון. א, פֿון עטלעכע פּראָזשעקטאָרן.

אייבערשיכט — די (דער), ־ן. אייבערשטע שיכט. די פֿעטע א, פֿון באָדן. ,,די רײַכע א, פֿון פֿאָלק,,, פֿאַש, 19 III 1948. ־יק — אַד□. (פֿרנל אונטערשיכט).

אייבערשימל — דער, ־ען. שימל וואָס געפֿינט זיך פֿון אויבן.

אייבערשיסל — די, ־ען. שיסל פֿון אויבן. ← אונטערשיסל.

אייבערשלאַק — דער, ־ן. 1. אייבערצײַג. יעדער מין מאַטעריאַל, געניצט פֿאַר

אייבערבגדים. טײַערער א'. אָפּגעריבענער א'. „מיט
אויסגעגייטע בלומען־פֿליטערלעך...אויף אַ
פֿאַרגעלטן זײַדענעם א'“, ל. קאַברין איבּז,
מאָפּאסאַן 2 .III. ספּעצ. (שנײַדערײַ, וואַרשע)
זײַדנס אַרויפֿגענייט אויף די לאַצן פֿון אַ
מלבוש. 3. אויך ד י. פֿרוי (אויך: מאַן) מיט
אַ שלעכטן כאַראַקטער וואָס פֿאַרשאַפֿט צרות.
→ אונטערשלאַק, בּ6.

□

אייבער־.שליטה
אייבער־שליטה — די, ־טות.
אייבערהערשאַפֿט. אויסנעמיקע אָדער עיקרדיקע שליטה.
„די אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן פֿאָלק קען מען
אַרויסדרינגען פֿון דער געשיכטע פֿון דער
ייִדישער רעליגיע וואָס האָט דאָ די א'“, ייִבל
.□XXI□I, 8
אייבערשליי□ — דער, ־ן. שלייף וואָס
קומט פֿון אויבן. אַ בלוזקע מיט אַן א,
בײַם האַלדז (פֿרגל אונטערשלייף).
אייבערשליסל — דער, ־ען. שליסל וואָס
מיט אים קען מען עפֿענען פֿאַרשיידענע

שלעסער (אָבער ניט קיין נאָכגעמאַכטער, ←
אונטערשליסל). „איך האָב פֿאַרלאָרן דעם שליסל
און ניט געקענט אַרײַן אין מײַן דירה. איז
געקומען דער 'סופֿער, מיט אַן א, און האָט
מיר געעפֿנט די טיר“, רייד (ניו־יאָרק).

אייבערשליץ — דער, ־ן. (שנײַדער▯)
אייבערשטער שליץ אין אַ זומער־מאַנטל. ←
אונטערשליץ.

אייבערשמײַסער — דער, ־ס. אויסדרוק
פֿון ביטול ווענן אַ בעל־עגלה אָדער אַ מלמד
וואָס האָט געהאַט אַ שם אַז ער שמײַסט אָפּט
זײַנע תּלמידים.

אייבערשמעלקע — דער, ־ס. איר,
הויפּטמאַכער, קאָכלעפֿל. ווער עס קען זיך מיט
אַלעמען און מישט זיך אַרײַן אין פֿרעמדע
געשעפֿטן. ווער עס (מאַכט דעם אָנשטעל אַז
ער) איז נאָענט צו מלכות, בכלל צו
מאַכטהאָבערס.

אייבערשמענדריק — דער, ־עס. (מיט
ביטול) אַ שמענדריק פֿון אַ הויכער מדרגה,
מיט אַ הויכן ראַנג. „ער? מיט דעם א,
ווילסטו גיין אין שותּפֿות?„, רייד.

אייבערשמש — [...שאַמעס] דער, ־ים [...
שאַמאָסים]. הויפּט־שמש. די מלחמה פֿון א, מיט

די יונגאַטשעס. „דער צדיק איז נתבקש געוואָרן בישיבֿה של מעלה. מן־הסתּם פֿאַר אַן א, אין גן־עדן אַרײַן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „שפּאָרן די נאַפּט איז אַ שטרענגער פֿאַרזאָג פֿון א'“, אַר, 'דער פּרוש'.

אייבערשניט — דער, ־ן. (קצבֿיש) חלק פֿלייש פֿון ברוסט. אַ כּשרער א..

אייבערשעה — [...שאָ] די, ~שעהן, [אויסגעלייגט אויך: שעהען]. אַרבעט־שעה נאָך דער אײַנגעשטעלטער אַרבעטצײַט. אַרבעטן א'ן. קריגן טאָפּל פֿאַר אַן א'.

אייבערשענקל — דאָס, ־עך. שענקל, צוגעפּעסטיקט אויבן אויף אַ וואַנט. דאָס גלאָזוואַרג אין א,.

אייבערשענקל — דער, ־ען. 1. אייבערשטער טייל פֿון פֿוס. ספּעצ, דיקער מוסקל איבער די קני. „דער פֿאַרשטאַרקטער בלוטצופֿלוס רופֿט אַרויס אַ דרוקגעפֿיל און געפֿיל פֿון שווערקייט אונטן אין בויך און אין די א'ען“, פֿגעז, ווילנע 5 1924, No.

אייבערשפּיגל — דער, ־ען. שפּיגל וואָס איז פֿון אויבן. זען אין א, צי די פּאַסאַזשירן גייען אַרויס פֿון אויטאָבוס דורך דער הינטערטיר.

איי‍בערשפּיזל — דאָס, ־ען. שפּיזל צום
שטריקן וואָס מע האַלט אין דער רעכטער (די
געלינקטע — אין דער לינקער) האַנט, און מיט
אים מאַכט מען די אייגלעך.
איי‍בערשפּיל — די (דער), ־ן. 1. שפּיל,
סצענע אויף דעם איי‍בערשטן טייל פֿון דער
בינע. די א, אין 'גאָט פֿון נקמה'. 2. נעאָל.
דאָס דראַמאַטישע וואָס אויף דעם ווערט בלויז
אָנגעטײַט, אָבער ניט אויסגעשפּילט. „אַלץ
מער פֿון א, איבער דער בינע ווערט
אַרײַנגעזויגן פֿון שפּיל אויף דער בינע“, ב.
ריווקין, ה. לייוויק....
איי‍בערשפּיצל — דאָס, ־עך.
אויסגעקליגלטער אײַנפֿאַל, קונציקע המצאה אויף
אָפּצונאַרן. מאַכינאַציע. „דאָס הייסט בײַ מיר אַ
ייִד אָן חכמות, אָן א'עך, פּראָסט־פּשוט אַ
ייִד„, ממוס, 'בישיבֿה של מעלת,.
איי‍בערשפּראַך — די, ־ן. שפּראַך וואָס
איז איבער דעם דיאַלעקט פֿון ריידער אָדער
שרײַבער. אָנגענומענע ליטעראַטור־שפּראַך פֿון
אַ תּקופֿה. „אונדזערע דרוקן, אַפֿילו די עלטסטע

...זײַנען...דוגמאות פֿון אַ היפּש אַנטוויקלטער
איבערדיאַלעקטישער א'...קען מען צײַטנווײַז פֿון
אונטער דעם ניוועלירנדיקן צודעק פֿון דער
א אַרויסדערקענען עלעמענטן פֿון דעם
שרײַ,

בערס גאַנג אין ריידן", מוו, ייִשפּ 3 2 ,XIII.
אייבערשרויף — דער, ־ן פּקפֿ: ~שרײַפֿל.
ֿ .
שרויף וואָס געפֿינט זיך פֿון אויבן. אַן א,
און אַן אונטערשרויף אין דער מאַשין.
אייבערשרײַבער — דער, ־ס.
הויפּטשרײַבער וואָס אַרבעט אין אַ קאַנטאָר,
קאַנצעלאַריע. דער א, פֿון אַ וואַלד־קאַנטאָר.
אייבער־שתּדלן — [...שטאַדלען] דער, ־ים
[...שטאַדלאָנים]. הויפּט־שתּדלן. שתּדלן בײַ
דער הויפּטמאַכט. „דער א'־ש'...דער באַרימטער
ר, יוסף פֿון ראָסהיים„, י. שאַצקי, ייִבל XXIII.
אייבערשׂכל — [...סייכ] דער, ־ס. איר.
ניט קיין שׂכלדיקע זאַך, ניט קיין קלוגער
אײַנפֿאַל וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט ווי עפּעס
שׂכלדיקס. אויך דזוו אונטערשׂכל. „דאָס איז
דײַן עצה? פּס! אַן א,!", רייד.
אייבער־תּלין — [...טאַליען] דער, ־ים [...

טאַליאָנים]. 1. הויפּט־הענקער, הויפּט־
עקזעקוטאָר. 2. רוצח, מערדער פֿון דער העכסטער
מדרגה. „שטעלט ער אויף אויף אונדז אַ
כּפֿל־שמונהדיקן, נידערטרעכטיקן פּאַרשוין...אַן
א'־ת, צו צאַפּן בלוט פֿון דער אומגליקלעכער
מענטשהייט„. היימיש, אַפּריל־מײַ 1961.
אייבעשיץ — גנ. שטאָט אין מערן, בּרינער
קוײַז. iee□n□י□: □ □M.□t□benseb□ □]: □ ־.
לויט דער לעגענדע, ייִדן זינט 10. י„ה. ידיעות
וועגן דער ייִדישער קהילה זינט 16. י„ה.
1672 — 27 ייִדישע הײַזער; 1791 — 533
ייִדן; 1830 — 7□, ייִדן; 1930 — 190
ייִדן. די קהילה איז געווען באַרימט מיט
אירע רבנים, צווישן זיי אַבֿרהם בּן הירש
□פּאָרגעס, דוד בּן טעוועלע ראַקאָוו און ז□דן
זון, אויך דער פֿאָטער פֿון ר, יונתן א,.
אייגל — דאָ
1. צו די בּב 1־10 געניצט אי
ס, ־עד. פֿקפֿ פֿון אויג ←. צפֿ:
אייגעל
ע.
אייגל

מיט ביטול, אי מיט צערטלעכקייט, אי נייטראַל.
אַן א, פֿון אַ חיהלע, פֿון אַ פֿויגל, פֿון אַן
אינזעקט. *קוקן מיטן א, אויף עפּל און קויפֿן
באַרנעס — וועגן אַ קאָסאָקען. „ער האָט אַזעלכע
קליינע א'עך„, רייד. „שלאָף, מײַן פֿייגעלע,
מאַך צו דאָס א'עלע, שלאָף, מײַן טײַער קינד“,
פֿל. „אַ קליין א, קען זען די גרויסע וועלט„,
שוו. אַ שאַרף (ממזרש) א, פֿאַרשלאָפֿענע א'עך.

.

די א'עך רוען ניט. קוקן מיט אַן א'. ביסטרע
א'עלעך. *וואַרפֿן א'עך = א) קוקן פֿון אַ
זײַט; קוקן הינטערווײַלעכס; ב) זיך
איבערווינקען, קאָקעטירן. “ער האָט געמאַכט
הינטערווײַלעכס א'עלעך צו דער יונגער שיינער
מיידל„, ספּ, גליקלעכע און אומגליקלעכע. *די
א'עך קריכן אים אַרויס = אומאיידל. ער
באַגערט זייער שטאַרק. „מאַכט צו איין א',
האַלטנדיק דאָס קעפּל אין אַ זײַט“, ממוס,
פריזיוו. „איין א, בײַ אים קוקט אַרויס קיין
צפֿונזײַט [= דה ניט אין פּנים אַרײַן] און דאָס
אַנדערע קוקט אײַך גלײַך אין דער נשמה אַרײַן„,
שע, אין שטורעם. *קרומ(ע) א, — וועגן עמעצן
וואָס איז קאָסאָקע אָדער האָט עפּעס אַ מום

אין אַן אויג. „דאָס קרומע א, קומט„, רייד. ווש מיט עגל [עגל הזהבֿ, דאָס גאָלדענע קאַלבֿ]: זינדיקן מיטן א, = קוקן אַהין וואו מע טאָר (דאַרף) ניט. „אַמאָל האָבֿן ייִדן געזינדיקט מיט איין עגל, הײַנט זינדיקט מען מיט צוויי א'עך„, פֿוול. זינדיקן מיטן עגל (א,) און קראַנק ווערן אויף די אויגן.

2. גלעזל פֿון אַ בֿריל (אָן דעם רעמ). „אויף דער שקאַטולקע איז אַ גאַנץ געמישעכץ: עטלעכע האָרנאָדלען, אַ פֿינגערהוט...אַן א, פֿון אַ בֿריל„, ייִפֿאָל, 3 .1888, No 10. ← אויג, בֿ17, קליינע קײַלעכדיקע עפֿענונג צו קוקן אין דער טיר, ספּעץ פֿון אַ טורמע־קאַמער. „קוקן נײַגעריק דורך דעם שליסל־לאָך ווי דער טורמע־וועכטער אין א,“.

4. ← אויג, בֿ20. „קומען זיצן...מיט אַ זאָק אין דער האַנט און האַלטן זיך עצות...וויפֿל א'עך אָפּצולאָזן די זאָק“, ממוס, שלמה. „זי ציט אַרויס אַ שפּיזל, פֿאַרענדיקנדיק די א'עך אַרום דער פּיענטע„, ווײַס I , 'קליינע שטעטלעך,. „און טעג נאָך טעג, ווי א'עך אויף אַ שפּיזל, די אַלטע שטריקערין, זי שטריקט זיי אָן אַ זין„, דא, 'וואָס בין איך דען?'. „די צײַט האָט אַן א, פֿאַרלאָרן און אויפֿגעהערט שטריקן

איר זאָק,,, מל, 'טרערן'.

5. ← אויג, בּ23. ,,איין קעמל [פֿון וועבשטול] האַלט אין זײַנע א'עך די גראָדע פֿעדעם, דאָס צווייטע — די אומגראָדע“, ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928.

6. ← אויג, בּ24. “מעג דאָ און דאָרט...אַן א, זײַן צו קליין אָדער צו גרויס, די נעץ איז דאָ“, שנ, שלום אַש.

7. ← אויג, בּ25. אַן א, אין אַ שלייף, איו אַ פּעטליע, פּעטעלקע. ל2.

8. ← אויג בּ28. אויך: טונקעלער פּינטל אויף אַ העלן פֿאָן. געלער שטאָף מיט א'עך. ,,ממוס דערציילט דאָס די חלות האָבן געהאַט מיט געלעכלעך אָפּגעשמירטע פּנימלעך און שוואַרצע א'עך פֿון טשערניטשקע,,, יע, ייִדישע מאכליס, וואַרשע תּר,,פּ.

I ייגלען

9. ← אויג, בּ3o. ,,מע קען מאַכן אַ פּראָסטן

בּוים פֿאַר אַ מיוחס דורך אָקולירן (מע נעמט אַ קנאָספּע, פּאָטשקע, קנעפּל, א') פֿון אַן איידעלן בוים...,,, ייִפֿאָל, 3 1884, No. ,,מענטשן פֿלאַנצן קאַרטאָפֿל אויך דורך די קנוילן, דערבײַ

קען מען איין קנויל צעשנײַדן אויף עטלעכע שטיקער, נאָר אין יעדן שטיק דאַרף זײַן כאָטש איין א, (דאָס זײַנען די קנאָספּן),,, א. גאָלאָמבּ איבּז, ג. בּאָטש, געוויקסן, וואַרשע 1920. ,,שאָבּט קאַרטאָפֿל, שנײַדט מיטן שפּיץ מעסער די פּאַרפֿוילטע ווערעמדיקע א'עך'', ייִז, 'געליימט'.

1O. (מעטאַל־גיסער□) גיס־לאָך אין אַ שמעלצאויוון. ,,דער שלאַק וואָס בּילדעט זיך אין וואַגראַנקע ווערט לײַכט צעשמאָלצן. דעריבּער אַז מע לאָזט אים אַרויס פֿונעם א', ווערט ער גיך פּאַרקילט'', ל פֿרומין, וואָס דאַ□ף מען וויסן...

.

וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932.

11. אויך מיט אַנדערע בּבֿ פֿון אויג, ספּעצ 19, 22, 26, 27, 29.

אייגלען — ־גל, געאייגלט. אוטוו — וואַרפֿן אויגן. קוקן מיט האַלבּ־געשלאָסענע אויגן, קוקן קוים־קוים. אויסקוקן (עמעצן, עפּעס). ,, פלוצלונג כאַפּט זיך אויף אַ שפּאַרבּער — און עס אייגלט בּלוטדאָרשטיק אין דעמערונג דער פֿויגל,,, חג, 'קאַזאַכסטאַנער סטעפּ־פּליטים'. ,,נאָר פֿון זײַן העוויה דער טויט האָט געאייגלט,,, סוצ, געהיימשטאָט. אַקוזוו — חנדלען זיך, (ווערלן) צושאַרן זיך. ,,די חבֿרים האָבּן חושד

געוועןן אַז ער אייגלט בסוד די קעגנערישע
פֿאַרטיי“, רייד. מיט ז י ך — זיך הנדלען,
קאָקעטירן. „אָט טאַנצט ער ממזריש און אָט...
אייגלט ער זיך שעלמיש מיט מיידלעך„, מוק,
טעאַטער און ייִדיש טעאַטעך.
אייגלענע — די, ־ס. < איי < גר.)
מיקראָבּיִאָלאָגיע, בּאָטאַניק) מיקראָסקאָפּישער
איינקעמערלדיקער אָרגאַניזם, אַן אונטערגרופּע פֿון
אַלגע פֿון דעם סאַמע פּרימיטיוון געוויקס (מיט
כלאָראָפֿיל, אָבער אָן שום פֿאָרעם פֿון אַ וואָרצל,
בּלעטער אאַ כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון
געוויקסן). [געוועןן פֿאַררעכנט ווי אַ שטאַפּל
צווישן דער וועלט פֿון געוויקסן און דער וועלט
פֿון בעלי־חיים.] די פֿאַרמערונג איז אַסעקסועל,
דורך צעטיילונג פֿון קעמערל. די א, איז אַ
פֿלאַגעלאַט, ד„ה האָט מיקראָסקאָפּיש־דינע
פֿעדעמלעך, פֿלאַגעלומס (פּרימיטיווער שווים־
אָרגאַן) וואָס האַלטן זי אויפֿן וואַסער. א, טרעפֿט
זיך מאַסנוויַיז, שיכטנוויַיז אין שטייאיקן וואַסער
פֿון זומפּן, סאַזשלקעס, אָזערעס. די ג ר י נ ע
א, (בּיַי אַ 50 מיקראָן די גרייס) בּאַפֿאַרבּט אויף
גרין שטייאיקע, פֿוילנדיקע וואַסערן. די בּ ל ו
טא, איז צוויי מאָל אַזוי די גרייס און גיט צו

דעם וואַסער אַ רויטלעכן קאָליר. א, געהערט
צום קלאַס — ta[ ]נון1eno Iu] די גרופּע —
.]u 1ena1es

אייגן — אַדי. 1 .M d : ei en. וואָס געהערט
צו, איז צוגעהעריק. וואָס איז פֿון דעם פֿאַרמעגן,
וואָס איז אין באַזיץ. אַן א, ווינקעלע. אַן א'ענע
היים. „דער שענסטער שפּאַציר איז פֿאַר דער
(זײַן) א'ענער טיר“; „בעסער אַן א'ענער סענט
איידער אַ פֿרעמדער דאָלער„; „דער בעסטער
בטוח איז די א'ענע קעשענע„; „בעסער קליינע

1()63

בולקעלעך א'ענע איידער גרויסע קולעטשן
פֿרעמדע“; „א'ענע איז געשמאַק“; „נאָר בײַם
א'ענעם טיש ווערט מען זאַט“, שוו. ניט
פֿאַרמאָגן (האָבן) קיין א, העמד אויפֿן לײַב. וואַשן
די א'ענע שמוציקע וועש פֿאַר אַלעמען אין די
אויגן. “פֿונדאַנען אין אַן א'ענער שטוב (אין
אַן א'ענער און אַ געמויערטער)“ — ווינטשעניש
בײַם אַרײַנציִען זיך אין אַ נײַער וואוינונג.
„אַז מע קלײַבט זיך אַרײַן אין אַן א, הויז,
איז מען זיך נוהג צו פּראַווען אַ סעודה,

פֿאַרבעטן אויך אָרעמעלײַט און מאַכן אַ שהחיינו“,

א. רעכטמאַן, ייִבל II XI. א'ענע ק ר ק ע = שטיק פֿעלד, טייל פֿון בית־עולם וואָס מע קויפֿט אויף אַ קבֿר (פֿאַר זיך, פֿאַר דער משפּחה). „איצט ווייס איך כאָטש, אַז מע וועט מיו באַגראָבן אויף א'ענער קרקע און אין א'ענע תּכריכים“, רייד. [פֿאַר קרקע אויף אַ קבֿר איז מען מקפּיד צו באַצאָלן, כּדי דער קבֿר זאָל זײַן אַ רשות־היחיד. פֿאַראַן אַ גלייבעניש אַז די מלאכי־חבלה האָבן ניט קיין שליטה אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פֿון אַ רשות־היחיד, לויט ילקוט ראובֿני, ויחי.] גיין (נעמען) ווי צום (פֿון) א'ענעם קאָמאָד (אַלמער). „דען עז איז ידוע דז ער ניט איין פּרוטה זײַן א, האָט או[ן] וואַל פֿר צערט האָט ביז אויף דאז הינטרשטי“, פּראָגבֿ, 31. „גיסי ר, יוסף סג„ל ובעלי זצ„ל אַליש אויף איר אייגני קאָשׂטין גיצאגין„, גה, 169. „אַמער זשע טרינקסטו וואַסער אויס דײַן א'ענעם גרובֿ, אין די ריטשקעלעך פֿון דײַן א'ענער קערניצע„, מס, משלי תּקע„ד, ה, 15. „געפֿעלט אים וואָס אַ בעל־מלאָכה...איז נאָר דער וואָס פֿירט אַן א'ענעם טיש און האָט א'ענע געצײַג„, אַר, 'בײַ דאָקטוירי . „...טראָגט וואַרעמקייט איינער צום צווייטן, געטרײַ ווי אַן

א, העמד,,, מל, ,צוטרוי,.

א, ג ע ל ט — וואָס מע פֿאַרמאָגט אַליין, ניט גענומען (געגזלט) בײַ קיינעם, ניט געליִען. ,,הוט איינר זײַן א, ג, אונ, זײַן זון הנדלט דר מיט, זולין די שמאים דאז געלט אַן ליגן", תּקק. ,,זא וואַרן זיא דאז וושׂר קויפֿן מוזן אום איר א, ג", טח, איכה, ה, 4. ,,אויו זײַן אייגין ג, האָט ער אַן גווארן דר בּייאן, דא מיט ער קאַנט מכין דיא שבֿויים פֿרײַא,,, 'איין שין נײַא ליד פֿון אובֿן', פּראָג תּמ"ח. ,,דא גינג לבֿן אונ, פֿער זעצט דיא [פֿאַרמשכּונטע] קליוור אויף ווײַן אונ, וואַר זיא (מכבּד) אום איר א, ג", צאינה, ויצא. ,,אַמאָל האָבּן סוחרים געהאַנדלט אויף דער וועלט אויף מזומנער סחורה, אויף א, ג',,, ייִל, כּל־בּוניק, אַדעס 1876. ,,פֿירן איבּער זייער א'ענעם גראָסן", ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887.

2. וואָס איז שייך נאָר צו אַן איינציקן. אינדיווידועל, פּריוואַט. האָבּן א'ענע צרות. האַבּן אָן א'ענעם ווילן, אַן א'ענע מיינונג. טאָן, זיך אויפֿפֿירן (משפּטן, בּאַשליסן אאַזוו) לויטן א' ענעם אײַנזען. טאָן אויף א'ענעם בּאַראָט. מײַן א'ענע איניציאַטיוו. אורטיילן לויטן א'ענעם שטאַנדפּונקט. וויסן דעם א'ענעם ווערט. *גיין

זײַן א'ענעם וועג = זיך האַלטן בײַ א'ענע פּרינציפּן, כּללים; זיך אַליין אויסקלײַבן אַ וועג אין לעבן. *טאָן אויף א'ענער ה אַ נ ט = אויף א'ענער אַחריות, לויט אַן א'ענעם

בּאַאייגן

שלוס. *בּרענט ער אויף א'ענע האָלץ = זאָל ער טאָן אויף א'ענעם בּאַראָט וואָס ער וויל; זאָל ער זיך הענגען און טרענקען. „דער מענטש האָט גרויסע אויגן און זעט ניט זײַנע א'ענע פֿעלערן„; „בּאַראָט זיך מיט וועמען דו ווילסט און טו מיטן ענעם שׂכל“, שוו. „זאָרג זיך וועגן דײַן א'ענער נשמה און דײַן חבֿרס גוף„, אין נאָמען פֿון ר, יtראל מאַלאַנטער. “ער הערט נישט זײַן א, קול, ער הערט נישט זײַן א, ליד“, מעג, קאַפּריזן, וואַרשע 1921. „זי פֿאַרלאָזט פּויל, ווײַל זי דאַרף אויסלייזן און אויפֿבּויען איר א, לעבן„, דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. „גלייבּן אין די א'ענע כּוחות און אין דעם א'ענעם לעבּן איז דער ערשטער אומבּאַדינגטער תּנאַי אויף בּאמת טאַקע צו לעבּן און אויף עפּעס צו טאָן“, ימ, נײַס, 1923. דער

א'ענער איך. טײַער האַלטן דאָס א'ענע כשרע נפֿשל, איר.

3. ספּעצ וואָס איז שייך צו אַ גליד (ט▯)
פֿון אַ גוף פֿון אַ פּערזאָן. טאָן עפּעס מיט די א'ענע הענט. „דײַן א'ענער קאָפּ האָט עס ניט באַנומען?“, רייד. זען מיט די א'ענע אויגן. „דשׂ אַטעשׂטערא איך מיט מײַן אייגני האַנט און, חותם„, שאַר. „האָט די בת־קייסער געפֿונען דאָס כתבֿ...האָט זי געזען אַז דאָס איז איר א, כתבֿ פֿון איר האַנט“, נחבֿ, ,מעשׂה מבערגיר והעני'. „בײַ מיר איז גלײַכער אָפּצולאָזן דעם שידוך איידער אַזוינס נאָכצוגעבן, אַ קלייניקייט עפּעס, אַן אשה מיט א'ענע האָר?!„, ל. בינשטאָק, בײַ ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896. „אַזוי האָט דער קליינער יחיאל געמוזט אַלץ אויף זײַן א'ענער פֿעל אויספּרוּוון“, אַש, תּהילים־ייִד. „ער האָט זיי נאָך ליבער מער ווי זײַן א, לײַב און זײַן נפֿש און זײַן רוח„, תּניא, סג. „און געפֿאַרבט זיי מיט די לעצטע טראָפּן א, בלוט„, פּרוג I. „באָדט זי דאָס קינד איו א'ענע מוטערלעכע טרערן“, אַר, 'די אָרעמע געווינערן'. *פֿירן, טרײַבן (אַ וואָגן, אַ שליטן) אויף א'ענע ה ע נ ט = אָן אַ געדונגענעם שמײַסער. „באַשטעלן דעם שליטן

אויף א'ענע הענט", זש, שקלאָווער קימער. „דער קאָפּ שווינדלט אים, ער זעס נישט די א'ענע ש ײַ ן„, ז. מוירער, זײַ נישט קיין ווּאוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. *מורא האָבּן (זיך שרעקן) פֿאַרן א'ענעם ש אָ ט ן. *ניט זען דעם א'ענעם שאָטן = א) ניט זען די אייגענע פֿעלערן; בּ) פֿגל, זײַן אין אַ סכּנה צו שטאַרבּן דאָס זעלבּיקע יאָר. „ער איז אַ חולה מסוכּן, ער זעט שוין ניט דעם א'ענעם שאָטן„, רייד. *זיו נאָכיאָגן נאָך (ווּעלן אַריבּעריאָגן) דעם א'ענעם שאָטן = ווּעלן דערגרייכן עפּעס וואָס איז איבּער זי כּוחות.

4. לײַבּלעך. וואָס געהערט צו דער זעלבּיקער משפּחה, קרובֿיש. מײַנער אַן א'ענער, אַ קרובֿ. א, בּלוט און פֿלייש (פֿלייש און בּלוט). „קיין א, בּלוט זאָלסטו ניט פֿאַרלייקענען„; „ס'איז ניטאָ קיין געטרײַערס ווי אַן א, ווײַבּ„; „אַ ווײַבּערשער שנײַדער לעבּט ניט גוט מיט דער א'ענער ווײַבּ"; „א'ענע קינדער זענען גאָטס וואונדער„; „אויף אַן א, קינד זײַנען עלטערן בּלינד"; „פֿון אַן ▯ ענעם האָט מען דאָס געגאַר„; „א'ס איז ניט פֿרעמדס", שוו. צו רעכט

אייגן

קומען ווי צווישן א'ענע, פֿוול = אויך: קומען
צו קבֿורה אויף אַן אופֿן ווי עס וואָלטן
דערבײַ זיך מתעסק געווען נאָענטע קרובֿים. „אויך
זאָל ער ניט רעדן מיט זײַן א, ווײַב אין די
אומריינע טעג, נאָר דאָס וואָס אים נייטיק
איז„, ספֿר נפֿלאות אלימלך, פּיעטריקאָוו תּר„ע.
„נעמט זי אים אויף...ווי אַן א'ענעם, מיט
אויספֿרעגן זיך אויף איטלעכן פֿון דער משפּחה
באַזונדער„, ממוס, שלמה. „איו קער מיו אָן
מיט אײַך שטיקלעך א'ענע„, שע, ,מיסטער גרין'.
„האָט ער די פּלימעניצע די יתומה צוגענומען
פֿאַר אַן א, קינד„, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
איך בעט אײַך איבער ווי אַן א'ענע מוטער.
אויסגיסן דאָס האַרץ ווי פֿאַר אַן א'ענער
מוטער. א'ענע די בייגענע = שפּאָטיש ווענן
קרובֿים. *פֿאַרגעסן דאָס א'ענע בלוט =...גאָר
נאָענטע קרובֿים.

5. וואָס געהערט צו דער זעלביקער גרופּע,
וואָס מען איז אירער אַ מיטגליד. מײַן א, פֿאָלק.
ער איז פֿון אַנשי־שלומנו, אַן א'ענער מענטש.
אַן א'ענער פֿון דער זעלביקער פּאַרטיי. „בינד

מיך אויף אַלע פֿיר, נאָר וואַרף מיך צווישן

א'ענע,,, שוו. ,,וואו א'ענע הינט בײַסן זיך, זאָלן זיך קיין פֿרעמדע ניט מישן,,, שוו = מע דאַרף זיך ניט אַרײַנמישן אין אַ מחלוקת צווישן מיטגלידער פֿון אַ משפּחה אָדער גרופּע.

,,אַפֿילו זײַן א, פֿאָלק און זײַנע א'ענע שׂרים ועבֿדים האָט ער זייער אונטערדריקט“, שארית י□tראל, ח,,ש מספּר יוסיפֿון, לעמבּערג (□).

,,איך ווייס פֿון ווער? דאַכט זיך, דאָס איבּערגענומען פֿון אַן א'ענעם, אַ יאַט“, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922.

6. היימיש, אינטים, פֿאַמיליער. ,,עפּעס האָבּ איך מיך געפֿילט היימיש צווישן מײַנע לײַט, א'ענע מענטשן,,, סמום, פֿישקע. ,,ער וואַרט אויף אומגעווײנלעכס. נאָר ווען דאָס קול דער הערט זיך, איז עס שטיל און א',,, מבּ□, דער גייער.

7. זעלבּשטענדיק, פֿאַרזיכדיק, אומאָפּהענגיק. אַן א, לאַנד. אַן א□ענע מדינה. ,,אַך האבּן זיא [די יהודי□] גהאט איר אייגין משפּט,,, שאַר, ה/ב. ,,ייִדן האָבּן ניט אַליין פֿאַר זיך זייער א, לעבּן, וואָס קען אַנדערש גאָרניט געמאָלט זײַן סײַדן דורך... אַ מקום־מנוחה“, ממנס, אַ סגולה.... ,,אין מזרח־אייראָפּע האָבּן מיר די

לעצטע יאָרן געפֿירט אַ קאַמף פֿאַר א'ענע שולן", גרינ, איד און וועלט. ,,מיר דאַרפֿן פֿרײַ זײַן צו שאַפֿן א'ענעם ייִדישן קלימאַט, אַן א'ענעם גײַסטיקן הימל אויסגעשפּרייט איבער זיך", אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. ,,די חכמה ונבֿואה פֿון משהן איז געווען ווי די באַלײַכטונג פֿון דער זון...אַן א'ענע לײַכטונג, אָבער פּני הושע כּפּני לבֿנה, וואָס איר באַלײַכטונג איז ניט אַן א'ענע", זלמן־בער וואַלפֿטרוב, דער הספּד אויף די אַדעסער קרבנות, אַדעס 1906.

8. אייגנאַרטיק. ספּעציפֿיש. "ווײַן דאַרף מען לאָזן...זיך אויסשטיין בכדי ער זאָל באַקומען זײַן א'ענעם טעם", שע, בלאָנדזשענדע שטערן. פֿאַקטן רעדן זייער א'ענע שפּראַך,,, ש. מאַרגאָ,,
שעס, טמז, 6 1954 III. ,,דאָס א'ענע [←. בּ1 1]
איז בײַ אים אין דער שפּראַך: יעדערער רעדט בײַ אים אויף זײַן א'ענעם לשון...זײַנע א'ענע

ווערטלעך,,, שנ, וועגן יודישע שרײַבער I.

9. וואָס מע טוט אַליין. וואָס מע פּראָדוצירט אַליין. לעבן פֿון א'ענער אַרבעט (פּראַצע,

האָרעוואַניע). „גלײַך אַז איין שווערט מאַכיר דען
אַנדרין דער מיט אום צו בּרענגין אונ, ווערד
אָפּט זעלבשׂט דער שטאָכין מיט זײַנר אייגיני
גימאַכטי קלינגין„, צוכט. „דער קראָקאָדיל אַליין
עסט אויף אַ סך פֿון זײַנע א'ענע אייער„, ראשית
למודים, לבֿובֿ 1862. „...וויל איך איין אייגיני
בּישרײַבּונג דר פֿון טאָן“, אַלכּסנדר סענדר
עטהויזן, בּית י□ראל ובּית הבּחירה, אַמשט
1724. „איין טייל האבּן אייגני זאַלץ בּרעטר,
די גמאַכט זענן משופּע דז דשׂ זאַלץ וואַשׂר
קאַן אבּ לויפֿן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא,
שקלאָוו l796. א'ענע פּראָזע (אַקטיאָריש) =
אַקטיאָרישע רייד אויף דער בּינע ניט לויטן
טעקסט פֿון דער פּיעסע. איבּערגעבּן מיט א'ענע
ווערטער. *גיין אויף א'ענע קעסט = אַליין
פֿאַרדינען צום לעבּן.

1O. וואָס מע האָט אַליין געהאָדעוועט,
דערצויגן. וואָס איז אונטער דער השפּעה (פֿון
ריידער אָדער צו וועמען ער רעדט). „דיך האָט
יהוה דײַן גאָט אויסדערוויילט אים צו זײַן פֿאַר
אַן א, פֿאָלק“, תּי, דבֿרים, ז, 6. „האָט דער רבּי
געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט היפּשע מנינים
חסידים א'ענע, אויפֿגעהאָדעוועטע און גוט
דורכגעהאָרעוועטע“, לדבּ, נ„י תּשי„ז. „די שול האָט

ניט פֿאַרשטאַנען איבערצודערציִען איר א'ענעם תּלמיד", ימ, אונדזער געדאַנק, ריגע 1933.
11. וואָס איז דאָס זעלבּיקע, איז אידענטיש. די א'ענע זאַך. „דער א'ענער מאכל, נאָר אין אַן אַנדער שיסל"; „די א'ענע יענטע, גאָר אַנדערש געשלייערט" פֿול *אויך דאָס א'ענע

,

= נו, מילא, ס'איז ניט (קיין) חילוק.
איבערחזרן דאָס א'ענע. מע קען זאָגן דאָס א'ענע פונקט פֿאַרקערט. טענהן כּסדר די א'ענע טענה. ווידער די א'ענע מעשׂה. „די א'ענע מעשׂה האָט מיט מיר געטראָפֿן", רייד. זאָגן עפּעס מיטן א'ענעם נוסח. אין דער א'ענער צײַט. „וואָס אַמאָל איז געווען דאָס א'ענע וועט טאַקע ווידער זײַן„, מ, קהלת תּקע"ט, א, 9. „אין דעם דאָזיקן א'ענעם טאָג זײַנען אַרײַנגעגאַנגען נח...,,, תּי, בּראשית, ז, 13. „דער א'ענער שדכן האָט איבּערגעדרייט דאָס עסק אויף אַ שידוך פֿון וואַרשע", פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן. „,...אַלע טאָג

,

אין דער א'ענער שעה אויסצודאַוונען דאָס גאַנצע סידורל„, קמ, 18 1869, No. „עס שטייען שוין אַנדערע דאָרט אויף דעם א'ענעם אָרט„, אבג, 'דער יוד אין קיִעבֿ, [הש I]. „איר האָט

טאַקע זײַן אָנבליק: די א'ענע נאָז, דער א'ענער פּנים,,, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. ,,אין דער א'ענער רגע האָבן אים די בּרעמען אָנגעהויבּן ציטערן,,, פּרץ, 'אַ קלעזמער־טויט'.

אויך סוב. דזוו אייגנטום. ,,דוא [גאָט] בּישׂט דאָך מיט גבֿורה גיננט, דיא גנצי וועלט איז דײַן אייגן,,, ,קינות אויף כמעלניצקיס גזרות', פּראָג [מוו, בּילדער פֿון דער ייִד, ליט'־געשיכטע].

בּלויז אַדוו. לאָקל, וולאָצלאַוועק און אומג'.

א) גאַנץ זיכער, גאַנץ געוויס. ,,כ'ווייס א, אַז ער קומט הײַנט", ייִפֿאַ, 2 ,1939. ← אייגנס.

בּ) אַליין — אין עטלעכע פֿאַרבּינדונגען. א, געמאַכט.

אייגנהייט

אייגן־ — ערשטער טייל פֿון צונויפֿהעפֿטן מיטן בּ: אַליין, פֿאַר זיך, זעלבּשטענדיק פֿון קיינעם

,

ניט בּאַווירקט. למשל: א'־חזיון, א'־חרטה, א,־ יצירה, א'־מראה, א,־עקדה. ,,אַ קייט אַרום דעם גײַסט און א'־דמיון,,, אצג, אין צײַטנס רויש.

-

אייגנאוסנדיק — [...אויפֿנ...] אַדי. נעאָל.
וואָס איז אויף אַן אייגענעם, בּאַזונדערן,
אַנדערשדיקן אופֿן. אַן א'ער בּאַנעם. א'ע קולטור.
־יקייט.
אייגנאַרט — די, ־ן. בּאַזונדערקייט,
אַנדערשקייט. אייגנשאַפֿט, אופֿן, וואָס טיילט זיך אויס,
שיידט אָפּ פֿון אַנדערע. די א, פֿון
אַמעריקאַנער ייִדישקייט. ,,די א'ן פֿון זײַן נשמ□,,
שנ. ,,די העלעניסטן...זײַנען געגאַנגען מיט די
גריכן אין שותּפֿותדיקן קאַמף קעגן ייִדישער
א',,, צײַט, אין קאַמף פֿאַר אַ ייִדישער מלוכה.
אייגנאַרטיק — אַדי. אייגנאופֿנדיק, אייגנדיק.
ספּעציפֿיש, בּאַזונדער(דיק). דאָס א'ע ייִדישע
לעבּן. אונדזער א'ער מהות. ,,וואָס ער האָט פֿון
תּנך אַרויסגעטראָגן — דאָס האָט ער אונדז
אונטערגעטראָגן: אַן א'ן סינטעז'', שנ, וועגן
יוד, שרײַבּער II. ,,און די ייִדישע לעגענדע
דערציילט מיט אַן א'ן הומאָר, ווי דער יונגער
אַבֿרם איז אַמאָל געבּליבּן אַליין אין דעם
געשעפֿט פֿון זײַן פֿאָטער'', קאָר II. ,,בּלײַבּן די
ייִדן אַן א, פֿאָלק...ווײַל זיי זײַנען דורך און
דורך פֿאַרדיבּוקט מיט געשיכטע'', גרינ, ייִד
און וועלט. ,,די חסידות פֿון די גאָר פּראָסטע
ייִדן איז זייער אַן א'ע חסידות,,, לדבּ, נ''י תשי,,ז.

,,צו ווערן אַ מיטגליד [פֿון אַ לײַ־ און
שפּאָרקאַסע] — דאָס איז שוין אַן א'ע זאַך און
קאָן בּירושה ניט איבּערגעגעבּן ווערן,,, בּ.
האַלפּערן, אַ האַנטבּוך פֿאַר...אַ פֿאָלקסבּאַנק,
ווילנע 1922. ־יקייט.
אייגנבּאַזיץ — דער, ־ן. דאָס וואָס מע האָט
אין אייגענעם רשות. אייגנס. האָבּן אין א'.
,,איך האָבּ עס טאַקע אין מײַן א,, אָבּער יורידיש
איז עס נאָך ניט מײַן פֿאַרמעגן“, רייד ־טום
.
זן. נר. ראָש מלון מפּתּח פֿאַרטײַטשט אַזוי
'נחלה'.
אייגן־גלייבּיק — אַדי. נעאָל (מ. ראַוויטש).
גלייבּיק אויף אַן אייגענעם אופֿן. ־יקייט.
אייגנגעפֿיל — דאָס (דער), ־ן. געפֿיל בּנוגע
צו זיך גופֿא. אייגענע שטימונג. ,,אַ קליינע דאָזע
בּראַנדווײַן מאַכט מונטערער דעם א'“, דער
מענטשנפֿרײַנד, נ,,י 25 1890, No.
אייגנדיק — אַדי. 1. בּאַזונדער(דיק),
ספּעציפֿיש. א'ע שטריכן פֿון כאַראַקטער. 2. וואָס
איז אַזוי ווי אייגן, כּמעט אייגנאַרטיק. ,,די דער
ציילונגען האָבּן אַן א'ן טאָן,,, א. ליס, דרונן.
אַפֿריקע, 105 No ־יקייט.
.

אייגנהאַנטיק — אַדי. וואָס איז (געטאָן אע)
מיט דער אייגענער האַנט. אַליין. פֿרגל:
אייגנהענטיק. „דיכטער האָבן א, אַוועקגעשענקט דעם
תּהום דאָס פֿלאַטערניש פֿון זייער טרוים“, הל,
בלאַט אַניף אַן עפּלבויס.
אייגנהייט — די, ־ן. דטשמ. אייגנקייט.
באַזונדערקייט. אייגנשאַפֿט. „קענען זיי די וועלט נישט
און בלייַבן בײַ געוויסע א'ן“, קמ, 32 1867, No.
[יאַכ שיידט אונטער צווישן אייגנשאַפֿט —
[.e]▯o]I▯eו▯]▯o — און א, [▯aך▯eeו▯Bo

אייגנהענטיק

אייגנהענטיק — אַדי. 1. וואָס איז געטאָן,
געמאַכט מיט די אייגעגע הענט. א'ע מלאָכה.
א'ע שטיקערײַ. א, אויסגעוועבס. 2. וואָס איז
געטאָן מיט דער אייגענער האַנט. א, עמעצן
▯ פֿאַטשן. „אָט דאָ דאַרף קומען אײַער א'ע
אדנסערשריפֿט„, רייד. „דו עפֿנסט אויף דאָס
קאָנטע־בוך...פֿון יעדן מענטשן א, שטייט די חתימה
זײַנע דאָרט“, ממוס, שלמה. „פֿון שנת תּרל„ה
אָן זײַנען שוין פֿאַראַן זײַנע א'ע כּתבֿים“, לדב,
ג„י תּשי„ז. 3. פֿטמ (אין אומבאַהאָלפֿענע
רייד). אַליין. פערזענלעך. „אַלצדינג וואָס איר

דערציילט האָט זיך א, מיט אײַך געטראָפֿן
הינטער כעלעם?,,, ייִט. ־יקייט.
אייגנוויליק — אַדי. 1. וואָס איז מיטן
אייגענעם ווילן, מיט פֿרײַען ווילן. א, נעמען אויף
זיך אַ התחײַבֿות. א, אונטערשרײַבֿן דעם
פּראָטאָקאָל. זיך אײַנשפּאַנען א, אין ייִדישער
קולטור אַרבֿעט. ,,דאָס איז געווען אַ מין

מצוותרשות, אומגעניייט, וואָס מע טוט עס
מכּלומרשט א', אַליין“, יחיאל לערער, מײַן היים.
,,עס גיט וואַרעמקייט דאָס קלאָרע און א'ע
פֿאַרבינדן זיך מיטן אייגענעם פֿאָלק,,, ימ, קוד,
1942. 2. אייגנזיניק, אייגנמאַכטיק. דעספּאָטיש.
אַן אומלאָגישער א'ער בֿאַשלוס. א, ווי אַ פֿאַר
צײַטיקער פּריץ. ־יקייט.
אייגנווילן — דער, ־ס. 1. שטאַרקער
אייגענער ווילן. עקשנות. ← אייגנוויליק, בֿ2. אַן
אײַזערנער א'. אַן א, ניט צו בֿרעכן. 2. פֿרײַער,
אייגענער ווילן. טאָן מיטן א,.
אייגנוועלט — די, ־ן. נעאָל. סובֿיעקטיווע
וועלט. סכום מחשבֿות און געפֿילן,
אײַנגעשלאָסן אין זיך פֿאַרהוילן פֿאַר דער וועלט
פֿאַר, . ,,
שלאָסן אין די הײלן פֿון זײַן טרוים אין א',,,

מק.

□ אייגנזוכט — די, ־ן. עגאָאיזם אין אַ הויכער מדרגה. ־זיכטיק — אַדי. „אָט דאָס געפּיעסטיעטע און א'ע מיידל“, בערג.

אייגנזיניק — אַדי. אײַנגעשפּאַרט, שטאַרק פֿאַרעקשנט; קאַפּריזנע. אויך: אייגנוויליק. „זי [אונדזער געזעלשאַפֿט] איז תּמיד געווען אַ מוסטער פֿאַר אַלע שטעט מיט אירע ניט־א'ע מענטשן„„ קמ, 14 1865, No. „[די מיידלעך] ווערן דורך דעם נאָר פֿאַנטאַזיאָרקעס א'ע, זיך ניט צו לאָזן לערנען פֿון עלטערע“, ייִפֿאָל, 1885, 22 No. אויך: אייגנזין, דער — עקשנות, אײַנגעשפּאַרטקייט.

אייגנטוועגן — אַדוו. צוליב דער זאַך גופֿא; צוליב זיך אַליין. „קינדער...וואָלטן [די לידע□] אין ריטעם אויסגעזונגען און אויסדעקלאַמירט פֿאַר זייער א'„, מענדל סאַבאַטשניק, דרומאַפֿריקע, 1957, X.

אייגנטום — דאָס, ־ען. אייגנס. פֿאַרמעגן, באַזיץ. פּריוואַט־א'. א, פֿון אַ יחיד (פֿון אַ רבי□). אומבאַוועגלעך א'. דאָס א, פֿון דער ייִוואָ־ביבליאָטעק. „לעדת יהודים וואָס האָט פֿאָטערלאַנד, א, און פּראַוועס“, ברוך רידזיונסקי,

איבּז [פֿון ווילנער קהל], ,הודעה על־פּי פּקודת הקיסר...', ווילנע 1812. ,,צונעמען פֿונעם צווייטן זײַן א, אָן דעם גאַנצן טאַראַראַם,,, מע‎t‎ה פֿון אַ קלוגן גנבֿ, לעמבּערג 1913. א'־אָ ר ד ע נ ו נ ג

5

— סאָציאַלע אָרדענונג, באַזירט אויפֿן פּרינציפּ פֿון פּריוואַטן באַזיץ פֿון די פּראָדוציר־מיטלען (באָדן, מאַשינען פֿאַבּריקן אדגל). א'־ר ע כ ט.

,

אייגנטימלעך — אַדי. אַנדערשדיק,
אייגנאַרטיק, ספּעציפֿיש (בּנוגע יחיד אָדער כּלל). וואָס איז כאַראַקטעריסטיש, באַזונדער. א'ע שטריכן פֿון אַ מענטשן. דאָס א'ע יִדישע פֿאָלק. ,,ער באַטראַכט די געזעלשאַפֿט און די מענטשלעכע געשיכטע ווי אַ באַזונדערן א'ן ענין פֿון דער מענטשלעכער פֿאָרשונג“, זשיט II, נ,,י 1917.
,,בּדרך כּלל האָבּן ייִדן געזוכט אי זיך צו
פֿאַרוואָרצלען אין אַמעריקע, אי אָפּצוהיטן ייִער
טראַדיציע און א'ע פֿיזיאָנאָמיע,,, גרינ, ייִד
און וועלט.
אייגנטימלעכקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ

אָדער פרט־פַאל פֿון זײַן אייגנטימלעך. די א'ן
פֿון ייִדיש. די א'ן פֿון קינדס כאַראַקטער. א,
פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן יִשובֿ. „דער ייִד לערנט
זיך אויס אינטערעסירן פֿאַר דער געשיכטע פֿון
זײַן פֿאָלק פֿאַר זײַנע מנהגים און זײַנע א'ן„,

דער שטראַהל, לעמבערג 1904, העפֿט 2. „אַזוי
רעדט מען אויך פֿון ייִדישע נאַציאָנאַלע א'ן
און ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן„, זשיט I,
נ"י 1912. „די א, פֿון שלחן־ערוך באַשטייט
נאָר אין דעם וואָס ער האָט דאָס ריזן־גרויסע,
צעוואָרפֿענע הלכה־מאַטעריאַל צוזאַמענגעשטעלט
סיסטעמאַטיש, לויט אַ געוויסן סדר„, דר, נ. ה.
עהרמאן, דער שלחן־ערוך, וואַרשע תרפ"ז.
אייגנטימער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
באַזיצער, בעל־הבית, ספּעצ פֿון אומבאַוועגלעכן
פֿאַרמעגן. אורח פֿאַרטײַטשט ,קנהו, (ישעיה,
א, 3): „זײַן אייגנטימער„ [תּי: „באַלעבאָס"].
„פֿויערן וואָס דאָס פֿעלד געהערט ניט צו זיי,
נאָר זיי אַרבעטן פֿאַר דעם א, פֿון פֿעלד, פֿאַר
דעם ליידיקגייער", ב. פֿײַגענבוים, די גאולה,
נ„י 1893. „עס שטעלט זיך אוף דעם אַ העכערער
פּרײַז...בײַ אַזאַ צופֿאַל עקספּלואַטירט דער א,
פֿון דעם אַרטיקל„, צבֿי ניסן גאָלאָמב, די בור

זשואַזיע, וואַרשע 1906. ,,איז פֿאַר זײַנע אויגן
שטיין געבליבן דעם א'ס געזיכט,,, ווײַס I,
'איינער אַ מענטש'. ה ו י ז־א'. א,־ר ע כ ט.
־יש — אַדי. מיט א'ער פֿעסטקייט.
אייגנטלעך — אַדוו. 1. בעצם. אין תּוך, אין
גרונט גענומען. ,,גאָט ב״ה בשאַפֿין האָט גזונטי
שטאַרקי גוטי בשעפֿניס און, טוט זיא אייגינטליך
ווידר פֿר שנײַדן“, בע, יט, 2. ,,וויל איך שרײַבן
דעם אונטר שייד אין פֿינף ארלייא זאַכן וואשׂ
אייגנטליך גיוועזן איז צווישן דען שופֿטים און,
מלכים,,, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בית י□tראל
ובית הבחירה, אַמשט 1724, יג. ,,פֿאַרוואָס א,
איז יונה אַנטלאָפֿן?,,, איבּז, גדולת יונה, וואַרשע
1857. ,,נאָר פֿאַר מיר איז גענוג צו וויסן וואָס
איז א, אין־אמתן די וועלט,,, לעאָן איבּז, מ. ז.
פֿײַערבערג, וואוהין, וואַרשע 1909. ,,בית־דין
איז טאַקע א, מחויבֿ געווען נייטן זיי דערצו,,,
ממוס, שלמה. ,,האָב איך אָנגעהויבן זוכן גאָט,
וואָס איז ער א, אַזוינס“, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. ,,א, איז יחיאלן וואויל געווען ווי די
וועלט,,, אַש, תּהילים־ייִד.
2 פֿאַקטיש, אין־דער־אמתן. ,,ניט מער, עשׂ
.
איז אייגנטליך קיין ספֿר דרויף גימאַכט וואַרן,,,

אייגנליבּע

אַלכּסנדר מענדר עטהויזן, בּית י￼tראל ובּית הבּחירה, אַמשט 1724, הקדמה. „אַזוינע ווערטלעך...שטאַמען א, פֿון אונדזער לעבּן“, ממוס, ספֿר הבּהמות. „איר פֿאָטער האָט א, גאָרניט געטאָן אַזוינס, ער זאָל רײַך ווערן„, ספּ, סודות.
„די אונטערשטע שורה איז אַז מיר האָבּן א, ניט קיין איבּערזעצונגען פֿון שלום אַשס דערציילונגען“, שנ, שלום אַש.

3. אין פֿלוג, אַגבֿ־אורחא. „דשׂ איז אייגנטליך גירעט פֿון דעם זיטן דען זיא צו רומא האבּן ווען איין נייאר קיסר דא הין קומט„, יוסיפֿון, אַמשט l66l, רסח/ב. „א, בּין איך אין דעם פּרט ניט קיין אויסנאַם; יעדער מענטש פֿאַרענדערט זיך מיט דער צײַט“, ממוס, „בּישיבֿה של מטה'. „דעם ים איז א, אַלץ איינס ווער עס רײַט אויף זײַן רוקן„, סעג, פֿון רוסלאַנד..., וואַרשע 1920.

4. אַרכ. ￼M￼d: ￼u￼en(11i￼] ￼. מיט די אויגן, בּחוש ממש. „דרום איז דז מדרש ויושע גימכט, אַלז וואַל דרינן אויז גיטרבט ור טויטשט גר בשיידליך, אַז ווען ער ווער גיוועזן צו מצרים

און, העטש גיזיהן אייגינדליך,,, ,מדרש ויושע',
16. י,,ה [ייִבֿל XI־II].
אייגנטלעך — אַדי. 1. פֿאַקטיש, באמתדיק,
לכתּחילהדיק. ,,דאָס איז געווען די א'ע מיינונג“,
רייד. ,,די הויט...באַשטייט פֿון צוויי פּלאַסטן:
אַן אייבערהײַטל און די הויט גופֿא (א'ע הויט)“,
דר, איסעל איבֿז, אָטאָ שמײַל, דער מענטש,
ווילנע 1921. א'ער סובסטאַנטיוו, למשל: טיש,
מיינונג אאַזוו. א'ער אַדיעקטיוו, למשל: שיין,
דערפֿריילעך אאַזוו. א'ער אַדווערב, למשל:

געהאַלדז. 2. ספּעציעל, באַזונדער. ,,ער האָט
זונטערהייט, קינדווײַז אאַזוו. א'ע מאַנדלען אין

עס געמאַכט פֿאַר זײַן אייגענעם, א'ן צוועק“,
רייד. ,,און, דא הער קומט נאָך הײַנטיגשׂ טאָג
דר מנהג פֿון זאַלבן דען מלכים אין פֿרנקרייך
מיט איין אייגנטליכן איל“, אָלכּסנדר סענדר
עטהויזן, בית י‍ראל ובית הבחירה, אַמשט,

1724, ג/ב. ־קייט.

אייגנלאַנד — דאָס. מצ נבֿ. נעאַל. דזוו פּאָטערלאַנד. לאַנד וואו מען איז געבוירן געוואָרן אָדער וואָס איז נשמהדיק דאָס נאָענטסטע. „אָ, א□, אָ, א', מיט אייגענע די וועגן“, י. מאַניק, □וריט אין באַגינען. ־יק — אַדי. ־יקייט — די באַנײַאונג פֿון דער ייִדישער א'. „דער ייִד וואָס קומט קיין ישׂראל פֿון אַן אַנדער לאַנד איז נישט בכּוח אַרײַנצונעמען אין זיך דאָס א'„, אפֿא, טמז, 1958 □ 15.

אייגנלויב — דער, ־ן. לויב וועגן זיך אַליין. שבֿחים אויפֿן אייגענעם חשבון. „א, שטינקט„, רייד. ־יק — אַדי. ־ערײַ.

אייגנליבע — די. מצ נבֿ. (איבערמאָסיקע ליבשאַפֿט צו זיך אַליין. דער עגאָאיסט מיט זײַן א,. „ניכט איינה א, איז עז דיא מיך אָנגערייצט האָט...„, משה בן מתתיהו מקאַסיל איבֿז, ספֿר תּפֿתּה ערוך וספֿר עדן ערוך, מעץ 1777 [ייִבל □י 2־XI, 1]. „אַז מיר ווערלן אַוועקשאַפֿן די מידה פֿון א', ד„ה די שלעכטע זײַטן דערפֿון, לאָזן מיר דאָס קינד זײַן ערלעך“, קמ, 45 1870, No. „דעם דיכטערס א, האָט דאָ געוויס געשפּילט אַ ראָלע. ס'איז אָבער געווען גאָך עפּעס אַחוץ אַן

איינ􏰀 מאַכט

אויטאָרס געקרעַנקטע א',,, שנ, 􏰀 עדציילערס און א
ראָמאַניסטן I פּעלט אַמאָל אייגענער צער...

. ,,

אַ טיפּע, וואַרעמע א'", מוק, טעאַטער און ייִד,
טעאַטער.

אייגנמאַכט — די, ־ן. מאַכט, דעה, הערשאַפֿט
וואָס קומט ניט על־פּי געזעץ אָדער
אײַנגעשטעלטער נאָרמע, נאָר וואָס מע נעמט זיך
אַליין. א, פֿון פֿאָרזיצער וואָס רעכנט זיך ניט
מיט דער פֿאַרוואַלטונג. א, פֿון דער כונטע.

אייגנמאַכטיק — אַדי. ← דפֿוו. 1.
ווילדוויליק. אויטאָריטאַר. א, ווי אַ צאַר, ווי אַ
דיקטאַטאָר. 2. אייגנוויליק; וואָס איז לויט
אייגענעם אײַנזען, וואָס איז על דעת עצמו. האַנדלען

􏰀 􏰀

אַרויסטרעטונג אין נאָמען פֿון פֿאַראיין. א
־יקייט

.

אייגנמיניק — אַדי. נעאָל. וואָס געהערט צו
אַ ספּעציעלן, באַזונדערן מין. „וועגן אַן א'ער
ייִדישער רעליגיע האָבן זיי גאָרניט אָדער כמעט
גאָרניט געוואוסט„, יובל XXIII, ז, 67. ־יקייט.
אייגננאָמען — דער, ־נעמען. "א'נעמען זײַנען
די נעמען וואָס עס האָט איין זאַך כּדי
אונטערצושיידן זי פֿון אַלע אַנדערע גלײַכע זאַכן פֿון
זעלביקן מין", ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921.
באַזונדערער נאָמען פֿאַר אַ פּערזאָן, לעבעדיק
באַשעפֿעניש אָדער זאַך אויף אויסצוטיילן פֿון
אַנדערע פֿון דער זעלביקער גרופּע אָדער דעם
זעלביקן מין: אַבֿרהם, מענדל, שׂרה, שפּרינצע;
איוואַן, יורקע; נאַפּאָלעאָן, ראַבטשיק, זשוטשקע.
דאָן־קיכאָט אויף זײַן ראָסאַלינדע. אויף פֿ▯־
מיליע־נעמען זײַנען א'נעמען: פּרץ, גאָלדשטיין,
הײַנע, טאָלסטאָי; ווילנע, יעהופּעץ; בעלז,
קאַבצאַנסק. די ווײַסל, דער ירדן; באַרג מוריה, די
אַלפּן, דער מאָנבלאַן אדגל. דוגמאות: „אַז ער
הייסט מענדל, מעג מען עסן פֿון ז▯ן פֿענדל
און טרינקען פֿון זײַן קענדל„; „ניט אַלע שיינ־ א
דעלעך זײַנען שיין, ניט אַלע גיטעלעך זײַנען
גוט„, שוו. „קומט צו פֿליִען דאָס קאַרליקל

כי־כי אויף דעם מאָרגן־פֿויגל פֿלאַטער־פֿלי“, א מלה. [אין לשונות מיט גרויסהאַנטיקע אותיות ווערן אייגננעמען געשריבֿן מיט אַן ערשטן גרויסהאַנטיקן אות. אין יִידיש האָבן נעמען פֿון פּערזאָנען און באַקאָנטע פֿאַמיליע־נעמען די

ענדונג ־ן (..ע□) אין אַקוזאַטיוו און דאַטיוו: באַגעגנט משה־ן און מענדל־ען, ליבֿ געהאַט שפּרינצע־ן, געזען גאָלדשטיין־ען, געלייענט פּרצ־ן; אַ מתּנה חיים־ען און אסתּר־ן, געגאַנגען צו

ראַבֿינאָוויטש־ן□]

אייגננוץ — דער, ־ן. פּפֿ: ־נוצן. אַ נוצן בלויז פֿאַר זיך. זוכן אין אַלץ בלויז א'. ניט האָבן (ווען פֿאַרלאַנגען) אַ האָר א'.
אויסגע,
טאָן פֿון אייגנליבע און א.. „אַן עגאָאיסט איז דער וואָס זוכט נאָר א'“, רייד. „דאָ ליגט אין שפּיל פֿיל מער אַלס בלויזער א'“, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. „זי האָט איינגעזען אַז דער פֿאָטער וויל איר [זי] אָפּפֿערן אום זיינע א'ן„, צ. נ. נאָלאָמבֿ, אַ יונגע טויבֿ פֿאַך אַ קרבן, ווילנע 1895. „נישט חלילה צוליבֿ מחלוקת און שׂנאה...אָדער, באַהיט גאָט, צוליבֿ א'„, יִיז, יאָשע קאַלבֿ.

ייִגננוציק — אַדי. ← דפֿוו. וואָס האָט אין זינען בלויז אייגננוץ, וואָס בינדט זיך בלויז מיט דעם אייגענעם נוצן. א'ער פלאַן. א'ער קרובֿ. א'ע מענטשן (זינט 1812). א'ע ליבע. ,,די מענטשן זענען לײַדער זייער א', יעדער גייט נאָר נאָך טובֿת־עצמו,,, ח. ל. הײילפּערין, די הײַנטמאָדישע בילדונג..., ווילנע תּרנ,,ו. ,,מע האָט אונדז געוואָרפֿן די באַשולדיקונג אַז מיר ווילן אויסנוצן דעם טעאַטער פֿאַר א'ע מאַטעריעלע צוועקן,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן II. ־יקייט — ,,אויך די וואָס קלינגען אויף אַ וועלט מיט זייערע וואָלטאַטן געפֿינט זיך דערין ...אַ מחשבֿה פֿון א'״, צ. נ. גאָלאָמבּ, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

ייִגנס — אַדוו. 1. ספּעציעל, בכּיוון. פּר, גאַליציע, רומ. קומען א, כּדי זיך דורכצושמועסן. ,,איך בין א, געגאַנגען זיו צו דערוויסן...״, רייד. ,,מ'האָט א, געברענגט פֿיש און פֿלייש פֿון אַ נאָענט שטעטל״, באַש, ▯tטן פֿון גאָרײַ. ,,זי האָט זיך א, צוגעזאָמט בײַם וואַשן,,, העשעלעס. ,,ער איז דאָך א, געגאַנגען דעם לאַנגן דרך״, י. טיגער, דער צדיק..., לאָנדאָן 1962.

2. אַליין, אין דער אייגענער פּערזאָן; גופֿא.
זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף קיינעם, קומען א, עפּעס א
בעטן. „האָב איך [דעם דאָקטער] א, געפֿרעגט
אויף אײַער קראַנקייט„, מ. מ. אויזערקיס, צע..
זייעט און צעשפּרייט..., לעמבערג תּרס"ו. „מע
נעמט א, מיט אַ מאַשין און מע ניצעוועט
איבער„, ישׂראל אָרנשטיין, רעיונות ישׂראל, יאַס
1893. „דאָס פּוילישע מלכות אָדער עפּעס אַן
אַנדער גרויסע שישקע פֿון וואַרשע איז א,
געקומען קיין לובלין צו שמועסן מיטן מהרש„ל", א
יִיט, טמז, 29 1961 I. "וואוהין זיי זײַנען א,
געפֿאָרן כּדי אים אָפּצוגעבן שלום", ב. רנסלער,
טאָג, 19 1964 XII.
ייִגנס — אַדי. נייטראַלער מין פֿון אייגן
(←), נאָך דעם סובסטאַנטיוו. מײַן אייגן קינד
— מײַן קינד מײַן א,. סוב ← דוווו.
ייִגנס — דאָס, ־ן. ← דפֿוו. 1. פֿאַרמעגן,
באַזיץ. דאָס וואָס געהערט ווי פּריוואַט־אייגנטום
צו אַ יחיד אָדער אַ גרופּע. קהלש (יחידיש) א'.
בשותּפֿותדיק א'. האָבן מײַן (זײַן) א,. *ניט
וויסן פֿון אייגענעם א, = א) האָבן אַ זייער
גרויסן פֿאַרמעגן; ב) זײַן צעטומלט. בײַם
ווינטשן זיך אָדער שווערן זיך: „מײַן א, זאָל איך

דאָס האָבן!“. ,,מײַן א, זאָל איך עס האָבן וואָס
בײַ זיי גייט נאָר אַוועק אויף קאַרטאָפֿליעס אַ
יאָר“, [ש. בערנשטיין], ר, יאָכצע דל גאה,
קעשענעוו 1884. ,,יענעם גיב איך אָפּ אַ האַלבן
א, מײַנעם“, פּמ. ,,אַלי סוחרי, דיא מיט מיר א
גיהאַנדילט האבין ניט אַנדרשט גימיינט איך
כּמה וכּמה אלפֿי, אין אייגינשׂ העט“, גה, 277.
,,דער וואָס ער האָט זײַן א, אַזוי פֿיל אַלפֿים
קומט אים די מעלה און דער כּבֿוד“, נחב,
'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. ,,האָט זיך אים תּיכּף דאָס
האַרץ געעפֿנט מיט נדיבֿות...כּמעט וואָס ער האָט א
זײַן א, דעם רבֿין אַוועקגעגעבן,,, 'גדולת ר,
וואָלף..., [יפּ].

2. גרויסער פֿאַרמעגן. גרויסע סומע.
פֿאַרשווענדן אַן א'. ,,געוויס, האָט ר, לייזער אַ צוואָה

אייגנשאַפֿט

געלאָזן און אָפּגעזאָגט אַן א, אויף צדקה,,,
יד, אבֿן נגף. ,,מע געטרויט אים בײַז דרײַסיק
קערבלעך — אַזאַ א, געלט!,,, אַר, 'בײַ
דאָקטוירים'. ,,נדן האָט דער מחותּן מסתּמא צוגעזאָגט
קרחס א,,,, יהל, די ערשט▯נ ליבע, וואַרשע 1881.

3. (וועגן אַ פּערזאָן) דאָס וואָס מע

פֿאַרמאָגט, וואָס איז נאָענט, ליב. ,,א, איז ניט
פֿרעמדס,,; ,,א, איז ליב“, שוו. ,,איך האָב מײַן
א צוויי שיינע טעכטער,,; ,,ער האָט זײַן א,
אַ בּחורל אַן עילוי,,, רייד. ,,מיר האָבן אונדזער
א אַ רבֿ, הייסט ער ר, יויזיפֿל“, שע. אַזוי
,

אויך: ,,וועט איר מיר זײַן מײַן בּאַזונדער א,
['סגולה'] פֿון צווישן די אומות,,, תּי, שמות,
יט, 5.
4. דאָס וואָס מע פֿאַרמאָגט און איז
אייגנאַרטיק, אַנדערשדיק. ,,האָט זיך דאָס נאַציאָנאַלע
א, בּײַ דער ייִדישער מאַסע...איבּערגעפֿלאָכטן
מיט דער רעליגיעזער טראַדיציע,,, נש איבּז, שד
III י. ,,יעדער לשון וואָס מע קען איז אַ
בּענטשונג, אָבּער דאָס קען מגולגל ווערן אין אַן
אָנשיקעניש, ווײַל דאָס קען צעוואַקלען דעם
אומגעפֿעלשטן שפּראַך־חוש פֿאַר א',,, ים, ייִשפּ
2 ,)(III.
ייִגנסט — אַדי. 1. סופּערלאַטיוו פֿון אייגן.
,,און אָט קומט...אַ מענטש פֿון דעם פֿאָלק, אַן
א'ער פֿון די אייגענע, דורכגעווייקט מיט אַלע
ייִדישקייסן...“, קאָר 2 .I. אַרכ. ספּעציעל,

אייגן (← אייגן בּ7). „און, אין דען
אייגינשׂטן לשון שטיט עשׂ אַך אין איין ספֿר
דשׂ דא הייסט (מגילת סתרים)„, מהמ, אַמשט
1722, קיג/ב.
ייִגנקייט — די (דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אייגן (←).
בּאַזונדערקייט. א'ן פֿון ייִדישן לעבן. א'ו פֿון
נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. „יאָ אָדער ניט
מוזיקאַליש קען זײַן אַ נאַציאָנאַלע א'; מורא פֿאַר
הינט אַ נאַציאָנאַלע א'‟, מוו, דער וועג צו
אונדזער יוגנט. „אָך און וויי וואָלט געווען
צו דעמאָקראַטיע, ווען זי וואָלט געווען פֿײַנדלעך
צו אייגנאַרט, צו א', צו אַנדערשקייט‟, צײַט,
טמז, 1957 II ◌י 12.
2. היימישקייט, אינטימקייט. די א, פֿון אַ
בּאַלעבּאַטישער שטוב. „די שול איז פֿאַר זיי
אַ מין אָאַזיס פֿון היימישקייט פֿון א, פֿון

ייִדישקייט און האַרציקייט אין אַרומיקן קאַלטן
מדבּר‟, ימ, אונדזער שול, נ״י 1936. „אַ מאָדנע
א, האָט דער ייִדישער אַקטיאָר דערפֿילט אין
אָט די קריטיקן‟, יובֿל־זבֿ לכּבֿוד דר, א.
מוקדוני, נ״י 1927.
ייִגנרואיקייט — די (דאָס). מצ נבֿ. נעאַל.

אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַליין רואיק, קאַלטבלוטיק, מיט אַ געמיט וואָס דערלאַזט ניט קיין אויפֿרעגונג. ,,דאָס וואָס איז געשען האָט דעם אַלטן אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פֿון זײַן א',,, הל, טמז, 20 1957 □I.

ייִגנשאַפֿט — די, ־ן. □ □eba□ —en□ ;□e :□ □M.

1. □איכות, קוואַליטעט. שטריך וואָס איז דאָ אין אַ זאַך (אָביעקט, באַגריף) און וואָס העלפֿט (מאַכט) אַז די זאַך זאָל זײַן דאָס וואָס זי איז, וואָס באַשטימט די גאַטור פֿון דער זאַך (דעם

אָביעקט אאַזוו); דאָס וואָס שייוט אָפּ איין זאַו פֿון אַ צווייטער. א'ן פֿון אַ קערפּער. א'ן פֿון אַ פּערזאָן. א'ן פֿון אַ טעאָריע. א, פֿון סטיל. א, פֿון אַ קונסטווערק. ,,ניטאָ אין מיר קיין איינציקער געדאַנק, קיין איינציקע א', וואָס עס זאָל ניט זײַן נעבן איר אַן אַנדערע, אַ פֿאַרקערטע,,, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.

2. כאַראַקטעריסטישער אַטריבוט. דערקענצייכן. באַשטענדיקע און צײַטווײַליקע א'ן. אײַנגעבוירענע, ירושהדיקע א'. אַן א, פֿון דעם

גאַנצן פֿאָלק. „רחמנות — אונדזער אייבּיקע
ייִדישע א'“, רייד. „צי קענען מיר וויסן גאָטס
א'ן?„, רייד. „רוים און ציַיט קענען גיט זיַין
...קיין א'ן פֿון ווענס“, מעריסאָן איבּז,
ספּענסער, ערשטע פּרינציפּן. „נעמען וואָס
בּאַצייכענען איינע...פֿון די אומצאָליקע גאָט־א'ן„, גרינ,
מענטשן און ווערטן. „איז דען קליידער איַער
א'? ווען מע טוט אָן דעם פֿערד אין שיינע
קליידער, בּליַיבּט ער דאָך אַ פֿערד“, א. ג.,
דער פּראָצעס..., וואַרשע 1885. „וועט [דער
מענטש] פֿון דער א, פֿון זיַין בּאַשטאַנד
דערקאָנען אַז ער איז...אויף דער וועלט...אַ
געפֿאַנגענער„, חה, ב. „אָט דער גלות האָט זיי
געמאַכט אַנדערש פֿון אַלע פֿעלקער, מיט די
א▯ן, מיט די פֿעאיקייטן זייערע“, ממוס, ,שם
און יפֿת'.
3. כּוח אָדער מעגלעכקייט צו טאָן עפּעס
וואָס איז ספּעציפֿיש. א, צו ווירקן, משפּיע
צו זיַין. גוטע (שלעכטע) א'. גראָזן מיט אַן
א, צו היילן. כעמישע, מאַגנעטישע,
עלעקטרישע, עלעקטראָנישע אע א'ן. איבּערנאַטירלעכע
א'. „גוטי אונ, בּיזה א'ן דער קריַיטר„, מראות
הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718. ▯איטלעכער שטאָף
האָט זיך אַן אַנדער פּנים...און האָט אַנדערע

מעלות (א'ן)“, קמ, 3 1865, No. “דיזער רינג
האָט די א, ווען דו ווערסט אים דרייען מיט
דעם זיגל אַראָפּ, וועסטו אומזיכטבאַר ווערן,,,
דער גרויסער דימאַנט, וואַרשע 1885. ,,באַזיצן
אונדזערע זשאַרגאָניסטן די א'ן, וואָס זיי מוזן
האָבן אַלס שרײַבער?“, מישאל איבז, דער גראַף
און דיא יודין, ווילנע 1895. ,,דער געבוירענער
פּאָעט האָט די גליקלעכע א, אויסצוקלײַבן די
שענסטע ווערטער,,, זשיט □I, נ□י 1912□ ,,זי
האָט אַ מערקווירדיקע א', די קונסט פֿון וואָרט:
וואָס מער מע רעדט וועגן איר — אַלץ
ווייניקער פֿאַרשטענדלעך ווערט זי,,, קאָר I.
4. אַרכ. אייגנטום, באַזיץ [ערשטיקער ב פֿון
וואָרט]. טח, מ□I פֿאַרטײַטשן 'והארץ לא תמכר
לצמתות, (ויקרא, כה, 23): ,,צו אייגן שאַפֿט“
[תּי: ,,אויף אייביק□].
—יק, ־לעך — אַדי. ־יקייט. ־לעכקייט.
אייגנשאַפֿט־וואָרט — דאָס, ־ווערטער. דזוו
אַדיעקטיוו ←. בײַוואָרט.
אייגדשטעטלש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער
האָט אַ שײַכות צום אייגענעם, היימישן
שטעטל. אָנטרעפֿן א'־ש'ע פֿרײַנד. ,,ער האָט
אין לאַנד געהאַט באַקאַנטע, א'־ש'ע, און נישט

געוואוסט זייער וואוינאָרט,,, ש. בערלינסקי,
בילדער און דערציילונגען, ת,,א 1958.
אייגעלכל — דאָס, ־עך. געל(ע)כל פֿון אַן

1()67

איי I..). ,,קעז, געקנאָטן מיט פוטער און א',,,
הרבֿ ל פֿײַנבערג, ייִשפּ II .

אייגעלע — דאָס, ־ר. פֿקפֿ פֿון אויג (←). א
צפֿ. דעם קינדס א'ך. דזוו אויג, נאָר מיט ביטול:
אַ גנבֿיש א'. ,,דער ממזר האָט אויף מיר
געקוקט עפּעס מיט אַזאַ א', מיט אַזאַ שמייבעלע,
וואָס האָט מיך געשטאָכן‘‘, ממוס, פֿישקע. ,,האָט
זי אַ פּאָר א'ך, אַ פּיסקעלע‘‘, לאַט, מאַמאָן.
,,דערויף האָט אים חײַקע געענטפֿערט...מיט אַ
רייצנדיק שמייכעלע און מיט אַ פֿײַערל אין
די יצר־הרע־א'ו,,, בעדג, אָפּגאַנג I.
אייגענאָ'ל — דער, ־ן. > איי > גר.
אַראַמאַטישער אייל, אָן קאָליר, געמאַכט פֿון
לאָרפֿאָרמל — o]). ווערט געניצט פֿאַר־ א
בערבלעטער, נעגעלעך, צימרינג אאַ. כעמישע

מאַצעווטיש ווי אַ צומיש צו פֿאַרשיידענע
פּרעפּאַראַטן ־יש — אַד
.
א
י.
אייגענ□יק — די. מצ נב. < איי < גר. ,פּײַן
(וואויל) געבוירן,. אָפּצווײַג פֿון בּיִאָלאָגיע וואָס
פֿאָרשט די בּאַדינגונגען און מיטלען ווי אַזוי
א
אויסצובעסערן די אײַנגעבוירענע אָדער
ירושהדיקע אייגנשאַפֿטן פֿון מענטשלעכן מין (אויך
פֿון בּהמות און אַנדערע בּאַשעפֿענישן וואָס
קענען זײַן ניצלעך). ,,ניט אַרײַנגייענדיק אין
טעאָרעטישע יסודות פֿון דעם נײַעם וויסנשאַפֿט־ א
צווײַג, וואָס טראָגט דעם נאָמען א',,, טאָז,
וואַרשע 20 1928, No. ,,די נאַציס אַליין האָבּן אָפּן
אָנערקענט דעם אונטערשייד צווישן זייער 'ראַסנ־ א
דיקער היגיענע, און 'נייטראַלער, א',,, מוו,
היטלערס פּראָפּעמאָרן. ־יש — אדי. א'ע
אָרגאַניזאַציעס. א'ע שריפֿטן. ,,די בּלינדע ליבּע
רעכנט זיך ניט מיט א'ע פּרינציפּן און
קאָנסעקווענצן,,. ־יזם — דער. די שיטה פֿון
איי(־ין)
— דער. אָנהענגער פֿון א

אייגעניק ־יק

. ער (־ין) — דער (די), ־ס.

געניק ־יסט

.

ווער עס פֿאָרשט אייגעניק.

אייגענען — אַקוזוו. אייגן, געאייגנט. זן. מאַכן הערשן. מאַכן עס זאָל זײַן אייגן. „און אַלע פּײַן וואָס אין דער וועלט איז צו געפֿינען פֿון וועגן צו א, דײַן הייליקן נאָמען, דען דו בּיסט אַ גערעכטער דיין און וואָרהאַפֿטיקער שופֿט“, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881.

אייגעסטער ט, ־ן, ־ס — אַדוו. d M

(n) e ges— . אַרכ. דזוו אייערנעכטן. „און, ער זאָגט משה צו גאָט גינוד: מײַן הער, ניט איין מאַן ריד האַפֿטיג בּין איך אויך פֿון געשׂטרט אויך פֿון אי גע tטרט„, טח, שמות, ד, 10; ב, דאָרטן, “אייגעסטרן”; מ I: “איגע ־ טר ”. „ער געסטרן און אי געסטרן גאַר ניט גמיינט העט...„, משה אײַזענשטאַט איבּז, דרד הישר לאבֿן בּוחן, 1746.

אייד — דער, ־ן. אַרכ. ei(l : M. שבֿועה. טוו פֿאַר שבֿועה. אין שמות דבֿרים, איזנע 1542:

,,א, — שבֿועה,,. באר התּורה פֿאַרטײַטשט 'שבֿועת אלהים, (קהלת, ח, 2): ,,דען א, פֿון גאָט" [תּי. פֿון וועגן דער שבֿועה פֿון גאָט"].

. ,,

,,איך טוא אויף היבן מײַן הנט צו שווערן איין א',,, מ▯, ט/ב. ,,דא שוויר איך דיר איין א, דשׂ איך דיר ניט וויל מין צו עשׂן געבן,,,

איידל

בבֿא־בוך, 255. ,,זײַנם הערן האָט ער איין א, גישוואָרן,,, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.

ײַ'דאַ, — אינטעריעקציע. פֿפֿ: הײַדאַ.

-

< אוק < טאָטעריש. 1. אויסרוף וואָס דריקט אויס אַ באַפֿעל אָדער וואונטש. אַן ערך: קום מיט! העלף מיט! לאָמיר אַלע מיטאַמאָל! לאָמיר זיך אַ נעם טאָן! אע. ,,א', קינדער, נעמט זיך צו דער אַרבעט!,,, ,,א', לאָמיר אויסשטעלן די בענקלעך!,,, ,,א', גייען מיר!,,, ,,א', מאַרש פֿונדאַנען,,, רייד. ,,די צײַט גייט, — קאָנסט נאָך פֿאַרשפּעטיקן. א,, ניט געפֿוילט זיך,,, ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928. 2. בײַם

הוידען אַ קינד אויף אַ הוידלקע. ,,א,, מײַן קינד פֿליט אין הימל“, רייד.

ײַדאַהאָ — גג. [1(la ־ שטאַט אין צפֿונמערבֿ פֿון פֿ“ש. בלויז אַ פּאָר הונדערט ייִדן אין גאַנצן שטאַט.

ייִדזשענט — דער, ־ס. אַמ. ..: a ent אַגענט פֿאָרשטייער פֿון אַ פֿירמע, יוניאָן, (פֿאַר— ,
זיכער־)געזעלשאַפֿט.

יי'דזשענסי — די, ־ס. אַמ. ..: aI ene אַגענטור, אַגענץ. פֿאַרטרעטערשאַפֿט, פֿאָרשטייערשאַפֿט. 'ייִדישע אַגענטור פֿאַר פּאַלעסטינע', די ,סוכנות'.

ײַד'ע — די, ־ס. אַמ. i(lea: ־. אידיי(ע), באַגריף, מיינונג, געדאַנק. ,,דו האָסט קיין א, ניט ווי שווער איך האָב געאַרבעט“, רייד.

ייִדיקס, ־עקס — דער, ־ן. 1 e (b ־ei : d M. דזוו עגדיש. אַרכ. 1. דזוו סקאָרפּיאָן. אורח פֿאַרטײַטשט 'עקרבֿ, (דבֿרים, ח, l5): ,,איידיקס“

[תּי: ,,שקאָרפּיאָן]. ,,די א'ן (עקרבֿים) בכלל קענען לעבן אומגעגעסן מאָנאַטן־לאַנג,,, ייִפֿאָל, 2 .4 1888, No. יאַשטשערקע.

ייִדל — אַדי. e(1el : Mh. וואויל־געבוירן,

יחסניש, יחוסדיק, אַריסטאָקראַטיש. אַ מענטש
פֿון א'על ן אָפּשטאַם. אַן א'עלע משפּחה. אַן
א'עלער פּריץ. „ער איז פֿון א'עלן, ניט פֿון
געמיינעם ג ר אַ ד“, רייד. פּֿפֿ: א, ווי אַ
זײַדענער יונגערמאַנטשיק, ווי אַ גוט־ייִדיש (ווי
רבֿינו תּמס אַן) אייניקל, ווי אַ פּאַניענקע. איר:
א, געבֿאָדן. א, ווי אַ פּאַנסקע כוואַראָבֿע. א,
ווי דעם אָקס, ווײַדל. „צו אים קומט בֿוודאי
ניט אַזוי אַ דינסט, וואָרן ער איז זיך אַן
א'עלער מענטש“, נחבֿ, 'מעשׂה מבֿן מלך ובן
שפֿחה'. „האָסט געלאָזט מלכים און פֿירשטן
און א'עלע מענטשן מיט אַכזריות בּאַהאַנדלען„,
איינע אבֿשילדערונג פֿאָן קעניג אחאבֿ אונ
זײַנע פֿרויא איזבֿל, וואַרשע 1862. „בּנימין האָט
געהערט צום סאָרט א'עלע ייִדן וואָס דאָס
איידלקייט ליגט זיי אויפֿן פּנים, מע דערקענט
בּאַלד אין זייער אויסזען אַז זיי שטאַמען פֿון
אַ פֿײַנער משפּחה“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'.
2. עלעגאַנט. וואָס איז ווי אין אַ געהויבּענער
געזעלשאַפֿט. וואָס האָט שיינע מאַנירן. העפֿלעך.
א'עלע בּאַנעמונג, מידות, האַלטונג, פֿירונגען
אע. א'עלער אופֿן (שטייגער) רעדן. אומגיין א',
(אַזוי וו□) מיט זײַדענע הענטשקעס. א'עלער
יונגערמאַן, קאַוואַליר. פּֿפֿ: א, ווי אַ

שעמעוודיק מיידל, ווי אַ בת־מלכּה, ווי אַ פּרינצעסין, ווי

איידל

אַ טאַטנס אַ קינד. איר: א, ווי אין יאַטקע;
א, ווי אַ קניידל, (גראָב ווי אַ חזיר). ,,איטלעכער
גראָבער־יונג...האָט אמת פֿײַנט אַ מענטשן אַן
א'עלן, אַ געלערנטן,,, ממוס, 'אַ שטאָט אין
מזרח'. א, ג ע צ ו י ג ן = א, דערצויגן. ,,און
זייערע ווײַבער און זייערע קינדער וואָס זײַנען
זייער א, געצויגן געוואָרן זײַנען געפֿאַנגען
געוואָרן און האָבן געמוזט אַרבעטן זייער שווערע
אַרבעט“, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881.
,,געזונטע יונגעלײַט וואָס קענען אַרבעטן און
זײַנען ניט א, געצויגן“, ייִפּאָל, 18 l882, No.
א, ג ע ז אָ נ ע ן = געוויינלעך איר. כּלומרשט
איידל, כּלומרשט אַריסטאָקראַטיש.
3. גרויסמוטיק. גוטהאַרציק. ראַפֿינירט (וועגן
כאַראַקטע), שטיל. אָפּגעהיט. א'עלער מענטש,
כאַראַקטער; א'עלע נשמה. ,,ווער ס'איז גוט
און ווער ס'איז א, — דער פֿאַרלירט דאָס
שענסטע מיידל,,, שוו. ,,ווען די מיידל איז א',
איז די ווײַבל אַ טײַבל“, שוו. ,,די א'סטע תּאווה
צו תּורה,,, שוו פֿאַר יעדן איינעם וואָס פֿאַר

,,

מאָגט אַן א'עלע נשמה און האָט אַ האַרץ
אויפֿצונעמען אַלע מענטשלעכע פֿליכטן", אָש,
תּהילים־ייִד. ,,איך ווייס אַז איר זענט אַן א'עלער
מאַן. אַז איר זענט ניט פֿעאיק אויף צו
באַליידיקן עמעצן,,, ווײַס I, 'איינער אַ מענטש'.
,,אין דער היים ווערט אַלץ ווייניקער. די אשה
גיט עס אים א, אָנצוהערן", ש. האָראָנטשיק,
,גאָטס משפּט'.
4. וואָס איז ווי בײַ אַ תּלמיד־חכם, בײַ אַ
בעל־מידות־טובֿות, בײַ אַ געלערנטן. וואָס איז
אויף אַ הויכער מדרגה מאָראַליש, עטיש. אַן
א'עלער ישיבֿה־מאַן. די א'עלע ל,,ו צדיקים.
אַ לערנער מיט אַן א'עלן פֿאַרשטאַנד. א'עלער
גײַסט. ,,זיך גערעכנט פֿאַר אַן א'עלן ייִדן וואָס
קוקט אַרײַן אין אַ ייִדישן ספֿר,,, שע, '
קינדערשפּיל,. ,,בשעת ער דערציילט...גייט ער אַרויס
פֿון זײַן וואָכעדיקן לעבן און שטייט העכער
און א'עלער", לדבֿ, נ,,י 1957. ,,שרײַבן אַ
ספֿרתּורה...איז אַן א'עלע מצווה, פּאַסט...פֿאַר אַ
ציבור אָדער פֿאַר אַ יחיד וואָס איז באמת אַ צדיק
גמור,,, אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868.
5. טײַער. מערווערטיק. עכט, פֿײַן. (געמאַכט)
בעסער ווי געוויינלעך. מער אַפּעטיטלעך. א'עלע

שטיינער, מעטאַלן. א'עלע שטאָפֿן. א'עלע עסנס.
א'עלע אַרבעט. ,,ער עסט ניט דאָס עסן □ פֿון
אַנדערע מענטשן, נאָר א'עלע זאַכן“, נחב,
,מעשׂה מבעל־תּפֿילה,. “עס איז אַ מצווה צו
מאַכן אַ ברכה...אויף דעם גאַנצן [לעב□], אַפֿילו
אַז דער האַלבער איז א'עלערע ברויט,,, ברכות
מנחם, [קעניגסבערג תּרי,,□], ט/א. ,,מאַנדל־קוכן
אָדער אַ צוקערקוכן...אָדער אַן אַנדער א, ג
עב ע ק ס ווען מען עסט עס אינמיטן עסן...דאַרף
מען דעריבער קיין ברכה ניט מאַכן,,, חא. ,,אַ,
מאַרציפּאַנעס! איו ווייס ניט וואָס דאָס איז,
נאָר איך שטויס זיך אָן — אַן א'עלע אַכילה,,,
רייד. א, ב ר ו י ט = א) געמאַכט פֿון טײַערער
מעל; ב) דזוו א'עלע פּרנסה. א'עלע פּ ר נ ס ה
= אַזאַ וואָס איז ניט פֿאַרבונדן מיט שמוציקער
אַרבעט. ,,פּריקאַשטשיקעס...לערערס...
אײַנבינדערס און זייגערמאַכערס האָבן געהערט צו
די א'עלע פּראָפֿעסיעס,,, דטש, ווילנע. ,,ער האָט

1()68

אין זײַנע הענט דעם א'סטן מאַטעריאַל, דעם
נפֿש, און ער דאַרף אים...אויספֿורעמען,,, מוק,

מײַנע באַגעגענישן. א'עלע ש ט ע ך = קוים אָנזעעוודיקע.

6. צאַרט; דעליקאַט. קולטיװירט; אַנטוויקלט. אויסגעפֿײַנערט. ראַפֿינירט. עסטעטיש. אַן א, פּנים. מיט אַ שיינעם, אַן א'עלן אָנבליק. א'עלער געשמאַק. א'עלע קאָלירן, קלאַנגען. א'עלער געהער. א'עלע שפּראַך. א'עלער ריח. א'עלע וואַזע. א, קונסטווערק. „וואָס מער השׂכּלה, איז א'עלער דער גוסט, וואָס א'עלער ס'איז דער גוסט פֿילט מען מער דאָס שיינע און דאָס געהויבענע“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „...ניט געקענט זיך אויסחידו␣ן אויף דער א'עלער שיינקייט פֿון פֿרעמדן„, ייִט, טאָג, 30 1957 II. „מע קען מאַכן אַ פּראָסטן בוים פֿאַר אַ מיוחס דורך אָקולירן (...אַ קנאָספּע,...אייגל) פֿון אַן א'עלו בוים...“, ייִפֿאָל, 3 1884' No.

7. קאָמפּליצירט (און קען אַרויסרופֿן ספֿקות, פֿאַרשיידענע מיינונגען, חילוקי־דעו␣). אַבסטראַקט, גײַסטיק. רוחניותדיק. א'עלע פֿראַגע. א'עלע זאַך, געשיכטע, אויפֿגאַבע. א'עלער ענין. א'עלער מעכאַניזם. א'עלע מ אַ ט ע ר י ע. „קרעדיט איז אַן א'עלע מאַטעריע„, שוו. „היט זיך, רירט עס ניט אָן מיטן אויג, מיטן אויער ...עס איז אַן א'עלע מאַטעריע“, שנ, שלום אַש.

,,ווײַל די פֿאַרבאָרגענע חכמה איז טיף און זייער א, צו פֿאַרשטיין,,, חה, ב, נח. ,,די נשמה איז אַן א'ער שׂכל פֿון גאָט גענומען,,, טעיאַטאָר.
,,מיר וועלן דאָרט האָבן געפֿאָרשט א'עלע זאַכן, קען זײַן אַז מיר וועלן באַדאַרפֿן ברענגען דרינען עפּעס פֿון די חכמות,,, חה, מז. ,,ס'איז זייער ניט גרינג...אַז דער שׂכל אנושי...זאָל זיך קענען פֿונאַנדערקלײַבן אין אַזעלכע א'עלע פֿאַרשטאַנדן,,, לדבֿ, נ,,י תּשי,,ז. ,,מחשבֿה איז אויך אַ בחינה פֿון אותיות אַזוי ווי דיבור, מערניט...[זי אי▯] רוחניותדיקער און א'עלער,,, תּניא, כו.

8 פֿטמ. בלאַס, אָפּגעצערט, מאָגער. א, ווי

.

נאָך אַ קראַנקייט. א, אין גאַרטל = מאָגער, אָן אַ בויך. ,,אַן א'עלער, אַן אויסגעבלייכטער, מיט אַ פֿאַרחלומט פּנים“, רייד. ,,האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרגלײַכן איר [זי] צו חנהן, ווי חנה איז הויך מיט אַן א'עלער טאַליע▯, ש.
בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887.
,,און די...שוועסטער...וואָס איז געווען אַזוי גרין און א', אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעבונדענער לולבֿ ערבֿ סוכּות,,, שע, זומערלעבן.

9. פֿטמ. וואָס קען ניט פֿאַרטראָגן עפּעס וואָס איז פּראָסט. א'עלער מ אָג ן. א'עלע ה ע נ ט = אויך: וואָס קענען ניט אָדער ווילן ניט אַרבּעטן. א'עלער ה י נ ט ן = ווער עס האָט מורא פֿאַר אַ קלאַפּ; פּחדן. א, ג ע ־ פּ (?) אַ ט ש ק ע ט — איר. צעבּאַלעוועט, קאַפּריזנע. „זי איז אַן א, ג'ע, זי טוט אין שטובּ גאָרנישט“, רייד. „ער איז א, ג', אים פּאַסט ניט צו עסן וואָס מיר אַלע עסן„; „זע, ווי א, ג, די מויד איז, זי קויפֿט זיך זײַדענע הענטשקעלעך„„ רייד.

1O. וואָס האָט אין זיך ווייניק שטאָף, חומר.

אײדללײַט

דינע א'־פֿינגערדיקע הענט. „מײַן ווײַס קליידל איז זייער א', עס איז ווי נעפּל דין און לופֿטיק“, עט, לידער.

פֿטמ אויך: איידלער אַנשטאָט איידעלער.

צפֿ: איידעלינקער, איידעליטשקער.

פּר: אַדע?דישער ?ט?ע. אָפֿט אין פֿאָרבּינאייול — י רויע ־נאָמעו. דערפֿון אין ע, אַדע

דונגען: חנה־א', ראָכע־א, אאַ.

איידלגײַסט — דער. מצ נבֿ. זייער איידעלער (בבֿ 3, 4, 6) מענטש. „געוועז שטיל און באַשיידן, אַן ענוו, אַן א', אַ צדיק מושלם„, דר, לאַזאַר, היימיש. ־יק — אַדי. זוכן דעם א'ן מענטש.

איידלגעשטיין — דאָס, ־ען. אַרכ. כלל־נאָמען, אַלגעמיינע באַצייכענונג פֿאַר אַלע מינים איידלשטיינער. "מרגל...כדכד...בלשון אַשכנז אידל גישטיין", אבֿ, ספֿר מתּורגמן, איזנה ש"א [1541]. „בראַכט מיט אים גר שינן חפֿצים פֿון אידל גשטין אונ, פּערלעך", מבֿ, 'דער טויטנשלעגער, [אַװע III]. „אונ, זיא זאַנטן צו אים איין גאָלדני קרון דיא וואַר אום גירינגלט מיט אייטיל אידלן גישטיינן„, יוסיפֿון, אַמשט 1661. „איו װעל מאַכן דײַנע פֿענצטער דאָס די זון זאָל דערײַן לײַכטן גרויסע פּערלעך און דײַנע טויערן מיט א'", צור, הפֿטרת נח.

איידלהאַר — דעו, ־ן. וונ ־ינטע, ־ס. פֿירשט, גרויסער פּריץ. מיטגליד פֿון קיניגס משפּחה. „צו לאָזן זיצן...מיט די א'ן פֿון זײַן פֿאָלק„, נפֿתּלי גראָס, תּהליס, קיג, 8 [תּי. פֿירשטן][.

„

איידלהאַרציק — אַדי. וואָס חאָט אַן איידל האַרץ. „זי איז אַן א'ע, פֿול מיט רחמנות",

רייד. ־יקייט.
איידלהייט — די, ־ן. אַרכ. דזוו איידלקייט.
בײַ י. מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט, תּצ,,ד. אויך:
אויסגעצייכנטקייט, אַריסטאָקראַטישקייט.
איידלהירש — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. דזוו
הירש. ,,דער א', וואָס מע
רופֿט אים אָפֿט ,מלך פֿון
וואַלד,, האָט געקראָגן זײַן
צונעמעניש פֿאַר זײַן
גרייס...סטאַטנעם געבײַ,
פֿאַר זײַן כּוח און
געשווינדקייט...פֿאַר זײַנע
גרויסאַרטיקע הערנער
וואָס באַשײַנען דעם קאָפּ
פֿון זכר“, דר, איסעל איבז, אָטאָ שמײַל,
זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924.
איי־לווײַס — די, ־ן. (באָטאַניק). באַרג־
געוויקס (אין די אַלפּן,
פּירענייען, קאַרפּאַטן אאַ). די
בלעטער פֿון א, זײַנען
באַדעקט מיט דינע פֿעדעם
ווי האָר, די בלימלעך
זײַנען זילבער־ווײַס. [א, איז
דער סימבאָל פֿון

] enot( ] o־ [בּערגקלעטעריַ]
.(]ium a1] inum

אײדללײַט — מצ פֿון אײדלמאַן ←. „אידל
לײַט אבּר [אָדער] שטאַט לײַד זענן אימר קלערר

אײדללעדער

און, קליגר דז די דאָרף לײַט“, עח, כז/א.
„היי, א', דאָבּושן געהערט דער פֿאַנג פֿון װאַלד„,
נפֿתּלי נדאָס, דעך װײַסער רײַטער.
אײדללעדער — די. מצ נבּ. פֿײַנע, װײיך
אויסגעאַרבּעטע לעדער. „מע פֿאַרװענדט פֿערדנפֿעל
ניט בּלויז אויף א„ נאָר גאַנץ אָפֿט אַרבּעט מען
דערפֿון אויס רימען־לעדער אויך , ה. װאַלאַך,
האַנטבּיכל פֿאָר לעדער־אויסאַרבּעט, פּעטראָגראַד
.1922
אײדלמאַן — דער, אײדללײַט. 1. דזוו אַדלמאַן,
בּבּ 2 1 (←). „צו אײנם קוך װאור בּבֿא דער
אידל מאַן. ער מכט גוטי פּאַשטידן און, ולאדן“,
בּבֿא־בּוך, 466. „אויז אײנום פּויאר איז גוט
איין אידלמן צו ציהן אבּיר אויז אײנום
אידלמן קאַן מן ניט װאַל איין פּויאר ציהן„, יוסף
אומץ פּפֿדמ תּפּ„ג. 2. דזוו אַדלמאַן, בּ3.

,,איין מאָל אַן א', אַלעמאָל אַן א'", שוו.
,,דאַרפֿסט ניט זײַן מער א, פֿאַר דײַנע ייִדישע
בּרידער", בּעמ II. וונ, איר: איידלמאַנטע
— ,,ער האָט חושד געווען אַז חנה־לאה...שעמט
זיו מיט אים...דער א, שטייט ניט אָן קיין
בּהמה־טרײַבּער", בּ. דעמבּלין, עדבֿ נאַכט.
איידלמוט — דער. מצ נבּ. נאָבּלקייט.
איידעלער, גוטער, גרויסמוטיקער כאַראַקטער.
אַרויסווײַזן א'. אַ פֿרײַנד אַן א.. ־יק — אַדי.
נאָבּל, ביז גאָר איידל. ,,אַזוי א, מיטגעהאָלפֿן
אין דער אַרבּעט". ,,איינע פֿון די דינסטן...האָט
כּסדר געלייענט וועגן גראַפֿן און ריטערס און
אונדז די מעשׂיות איבּערדערציילט, און פֿון
יענער צײַט איז אַפּנים נאָך געבּליבּן בּײַ מיר
דאָס וואָרט א, פֿאַר נאָבּל", מלך ראַוויטש,
ייִשפּ III, ז, 141. אויו בּײַ א. שטיינבּערג,
אַלענ, ייִדן, א, שפּ, 251. ־יקייט.
איידלען — טרוו. איידל, געאיידלט. 1. (פּרוּוון)
מאַכן עמעצן אָדער עפּעס איידל, איידעלער.
פֿרגל: אויסאיידלען. ,,אין הײַזער אָרעמע איז
דאָ אַזוי פֿיל שיינקייט: די הונגעריקע ליפּן
איידלט דער בּטחון", מ״, 'אין הײַזער אָרעמע'.
,,איבּער אים און זײַן ווײַבּ די עקרה האָט

גאָטעניו געוואַכט און געאיידלט זײַנע
אומגעהויבלטע רייד,,, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי.

2. מאַכן ריין, רײנער. מטהר זײַן. ,,כּסף
וזהבֿ מטהר ממזרים — דאָס גאָלד איידלט
יעדע זינד און מאַכט ריין אַן אומעכטעס קינד,,,
אמד, אמרי בּינה, ווילנע 1864.

3. אַרײַנבּרענגען אין אַדלשטאַנד. מאַכן פֿאַר
אַן אַדלמאַן. געבּן אַ טיטל פֿון אַדל. א, דעם
קריגספֿיוער פֿאַר זײַן גרויסן נצחון. ,,איך,
גאָט, האבּ ליבּ ישׂראל, אויך האבּ איך גאידלט
און חשובֿ גימאַכט אַבֿרהם“, סהמ, ישעיה,
מח, 15.

4. מייחס זײַן עמעצן צו אַ חשובֿן אָפּשטאַם.
,,קומט דער פּסוק אונ, איז אין [איס, ד,,ה
פּינחס בּן אלעזר בּן אַהרן הכּהן] אידעלין נאָך
אַהרן,,, טח, בּמדבּר, כּה, 11, רשי. ,,'אני היום
ילדתּיך, — איך האבּ דיך גאידילט צו מי▯',
עפּש, סידור תּפֿילות II, אַמשט תּק,,ח. [בּײַם
איבּערזעצן די צווייטע העלפֿט פּסוק פֿון תּהלים,
ב, 7: 'בּני אַתּה..., וויל עפּש ניט ניצן דאָס
וואָרט געבּאָרן, ווײַל אָט דער פּסוק איז

געבּראַכט געוואָרן פֿון קריסטלעכע טעאָלאָגן ווי אַ
ראַיה פֿאַר ישו הנוצרי. האָט ער געניצט דאָס

וואָרט געאיידלט, וואָס דאָס האָט אויך בּאַטײַט
האָבּן אַ קינד (אין אַן איידעלער אָדער
יחוסדיקער משפּחה) □]

מיט ז י ך — רעפֿל. אויך: זיך אויפֿפֿירן ווי אַן איידעלער מענטש. „זיא וואַרן זיך א', כּלומר זיא בּראַכטן אירי (יחוס) בּריף„„ צאינה, בּמדבּר. „הכּלל, ער איידלט זיך, ער לערנט זיך, ער איז מיט לײַטן גלײַך„„ ממוס, שלמה. „אַז ער האָט בּאַקומען געלט, האָט ער זיך אָנגעהויבּן א', דהײַנו: געקויפֿט זיך אַן אָרט אין מזרח, שבּת שלישי", שע, קינדערשפּיל.

איי'דלפֿאַזאַ'ן — דער, ־ען. ווײַסער פֿויגל
פֿון דער פֿאַזאַנען־
משפּחה. לעבּט אין אָפֿענע
פּלעצער אין וועלדער
פֿון אייראָפּע און אין
די געגנטן פֿון
מיטלענדישן ים. דער א,
ווערט געזוכט צוליבּ
זײַן געשמאַקן פֿלייש

און צוליבּ די פֿעדערן פֿון זײַן היפּשן עק וואָס דערגרייכט צומאָל די לענג פֿון אַ 40 ס"מ.
sianus albus □ □ [□].

איידלפֿאַלק — דער, ־ן. אונטערמין פֿון

פֿאַלק, דעם קלענערן
רויבּפֿויגל וואָס מע האָט
געניצט בײַ געיעגן או□ף
פֿייגל. א, האָט ווײַסע
פֿעדערן מיט שוואַרצע
פּאַסן. איז אַ שנעלער
פֿליִער און האָט די
פֿעאיקייט צו וויבּרירן מיט
זײַנע פֿליגלען אַזוי אַז
ער זאָל זיך קענען האַלטן
אין דער לופֿט אויף איין אָרט. leo□r□g leo□1 [□].
איידלפֿאָלק — דאָס. מצ נבֿ. דזוו איידללײַט
(איר). פּריצימשאַפֿט. „דער באַרג איז גוט צו
לויערן, ווען ס'רײַט דאָס א, אויף יאַגד נאָך
וועלף און בערן,„, נפֿתּלי גראָס, דער ווײַסער
דײַטעך.
איידלצווײַג — די, ־ן. טשעפּקע. צווײַג פֿון
אַ בעסערן מין פֿרוכטבּוים, וואָס מע (ש)
טשעפּעט אײַן, מען איז מרכּיבֿ אין אַן ערגערן כּדי
צו פֿאַרבעסערן די קוואַליטעט פֿון די פֿרוכטן
פֿון דעם ערגערן פֿרוכטבּוים.
איי'דלקאָראַ'ל — דער, ־ן. מין קאָראַל אין
מיטלענדישן ים, וואָס פֿון
דעם ווערן געמאַכט צירונגען

און מע ניצט פֿאַר
דעקאָראַציע. מע האָט דעם מין
קאָראַל צוגעשריבּן פֿאַרשיידענע
מיסטעריעזע   אייגנשאַפֿטן,
האָט געדינט ווי אַ קמיע
(אויף העלדזער פֿון קינדער,
פֿאַר עקרות אאַ). ,,דער א,
איז לויטן קערפּער־געבּײַ אַ
בּיסל ענלעך צו אַ
זיסוואַסערהידרע. נאָר די שפּראָצעלעך וואָס בּילדן

איידלשוואָם

זיך אויפֿן גוף פֿון קאָראַל טיילן זיך ניט אָפּ
פֿון אים, נאָר זיי בּלײַבּן מיט אים פֿאַרבּונדן,
און אַזוי אַרום בּאַקומט זיך...אַ קאָלאָניע פֿון
בּעלי־חיים — קאָראַלן־פּאָליפּן,,, דר, איסעל
איבּז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924.
.(□orallium rub□um
איי'דלקאַשטאַ'ן

— דער, ־□שטן.)
בּאָ, ־עס. אויו:
איידל
ק

טאַניק) קאַשטאַנ(ענ)בוים
און זײַן פֿרוכט. וואַקסט
אין דרום־אייראָפּע און
קליין־אַזיע. די פֿרוכט
איז זיסלעך און מעליק.
אָט די קאַשטאַנעס ווערן
געגעסן נאָכן צוגרייטן
אויף פֿאַרשיידענע
אופֿנים. [א, איז אַנדערש ווי
דער קאַשטאַנבוים פֿון
צפֿון־אייראָפּע, מיט זײַנע ניט־עסעוודיקע
קאַשטאַנעס.] (�ativa �stanea�).
איידלקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ
אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן איידל (אין אַלע בבֿ).
אַרויסווײַזן א,. זאָגן עפּעס מיט א'. גלאָט אַזו�,
פֿון א, וועגן. געבן צדקה מיט א'. די א, ליגט
אויסגעגאָסן אויפֿן פּנים. אַן ענטפֿער פֿון א,
וועגן. ער איז די א, אַליין. א, ווי בײַ אַ
תּלמיד־חכם, ווי פֿון אַ לערנער. א, ווי פֿון אַ
טאַטנס אַ קינד. א, פֿון אַ פּרינץ (פּרינצעסין,
אַ פּריצטע אע). ,,[דעם] ענטפֿער 'ניין', ניט
הונגעריק — האָט ער אָנגענומען גלאַט אַזוי
פֿאַר אַ זאָג אויס א, נאָר,,, ממוס, ווינטשפֿ.
,,איבערנעמען די אַחריות אַז דער

אַנטיסעמיטיזם וועט אייביק בלײַבן אין די גרענעצן פֿון
א, און פֿײַנע מאַנירן קען אויך קיינער ניט“,
זשיט III ▯, נ„י 1919. „איך גלייב ניט אין אַ
פּראָגרעסיווער וועלט אָן א, און אָן
מענטשלעכקייט„, מענעס, פֿאָר, 7 X 1962. „אָט ערשט
ניט לאַנג האָט ער נאָך געהאַט די ייִנגלשע
לויטערע א, אויפֿן געזיכט„, ווײַס, 'פֿון רבינס
שטוב'. „דער קלוגער וואָס פֿאַרשטייט דאָס,
דער זאָל זיך אויסקלערן פֿון דער וועלט זײַן
רוחניות און זײַן א'“, חה. נשמה־א'.
כאַראַקטער־א'.
איידלשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. דזוו איידלקייט,
יחוסדיקייט. יחוס — לויט ספֿר התשבי. „מיט
א, פֿאַרדעקטער, פֿרומער„, אפֿא,...סטע▯!.
איידלשוואָם — דער, ־ען. (זאַאָלאָגיע)
באָדשוואָם. סובסטאַנץ (ווי פּוכקע טייג) וואָס
פֿורעמט זיך אויס אין די ים־וואַסערן פֿון גאַנץ
קליינע, מיקראָסקאָפּישע לעבעדיקע אָרגאַניזמען.
אַדאַנק זײַן אייגנשאַפֿט אײַנצוזייגן אין זיך
פֿליסיקייטן ווערט דער א, (ווי דער שוואָם בכלל)
גענוצט צו פֿאַרשיידענע צוועקן. אויך: אַ טייל
פֿון דער סובסטאַנץ. אויו: דער באַזונדערער
אָרגאַניזם. “בײַ אַ געוויינלעכן באָדשוואָם אָדער
אַזוי־אָנגערופֿענעם א, געפֿינען זיך אין קערפּער

אַנשטאָט קיזל־שטיינערנע — האָריקע פֿעדעם.
דער דאָזיקער שוואָם לעבט אין מיטלענדישן
ים,,, דר, איסעל איבז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע,
ווילנע 1924.einalis o ngia]נ.

אײדלשוועמל

אײדלשוועמל — דאָס, ־עך. (באָטאַניק)
גערויקס פֿון דער
פֿאַרצווײַגטער שוועמל־
משפּחה. צייכנט זיך אויס
מיט זײַן האַרמאָנישן
געבײַ, האָט די פֿאָרעם
פֿון אַ געעפֿנטן
געלבלעך־רויטלעכן שירעם.
ווערט געניצט ווי אַ
באַטעמטער מאכל. is es Agarieus eam].

אײדלשטיין — דער, ־ער. טײַערער שטיין.
אבֿן־טובֿ. מינעראַל (שטיין) וואָס צייכנט זיך
אויס מיט זײַן ריינקייט, לויטערקייט,
קאָלירי
קייט און האָט די אייגנשאַפֿט צו לאַנצן. ווערט
געניצט זינט די עלטסטע צײַטן ווי אָ צירונג
און באַפּוצונג. איבער הונדערט פֿאַרשיידענע

מינים. א'ער זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט
כּלערליי סגולות. עטלעכע מינים א'ער: אָפּאַל,
אַגאַט, אָניקל, גראַנאַט, גאַרפֿונקל, טאָפּאַז אאַ.
די א'ער פֿון אפֿוד, פֿון חושן־משפּט. „די
א'ער פֿאַר דעם אויסשטאַט פֿון כּלים, פּרוכתן
און דעם אויסציר פֿון חושן און אפֿוד“, אַש,
משה. גלאַנצן ווי אַן א'. אַ זון (טאָכטער) —
אַן אמתער א.. „איך שטעל מיך אַזוי אָפּ...
בײַ אַ גרויסן בוקעט פֿון די טײַערסטע א'ער:
דימענטן, בריליאַנטן, סאַפֿירן, רובינען אַלע
סאָרטן“, ממוס, קליאַטשע. „ברוסטטיכלעך מיט
א'ער אויסגעשטיקט“, ייִז, יאָשע קאַלב. „די
לופֿט איז בלוי און ריין, אויף יעדן גרעזל
שטראַלט אויף אַ העלער א'“, ש פֿרוג,
שריפֿ.

טן I.

איידעלערהייט — אַדוו. אויף אַן איידעלן
אופֿן. „ניט צו געבן [תּלמידי־חכמים
אונטערשטיצונג] בדרך בזיון חס ושלום...נאָר דרך
כּבֿוד, א,“, סשי I, סו.

איידעם — דער, ־ס (־ער). M□d: ei(lem,
ei(]en. דער טאָכטערס מאַן. אַן א, אויף קעסט
= וואָס מע האַלט אים אויס, מע גיט אים
קעסט. אַרײַננעמען אין שטוב אַן א'. „

אַרײַנקריגן אַ זײַדענעם יונגנמאַן פֿאַר אַן א'״, רייד. ,,זאָל אַרומגיין אַן א, אין שטובֿ,,, פֿוול (רייד פֿון אַ ישובֿניק וואָס האָט גאָר קיין טאָכטער ניט געהאַט). איר: דער געשמאַקער א'. ,,פֿון אַן א, אויף קעסט לאַכט דער שווער פֿון צייַנווייטיק״; ,,אַ זון ווי ער געראָט, אַן א, ווי מע וויל,,; ,,אַן א, אין שטובֿ איז אַ שׂונא אין שטובֿ״; ,,אַן א, איז ווי אַ טשאָלנט,, [אַמאָל געראָט ער, אַמאָל ניט]; ,,איטלעבער א, איז אַ שטיק שווער,,; ,,אַ שנור מיט אַן א, זײַנען אַ פּאָר (צוויי) שדים״; [שפּאַסיק: מע רײַסט אַרויס פֿון יחזקאל, טז, 8, די דרײַ ווערטער ,בעדי עדיים, שדים..., און מע פֿאַרטײַטשט זיי מיטן ציטירטן שוו.] ,,אַ זון איז דאָס געזינט, אַ טאָכטער איז אַ קינד, אַ שנור איז אַ ווינט, אַן א, איז אַ הינט,,, שוו. בײַם באַקלאָגן זיך אויף אַן א, וואָס טוט גאָרנישט: ,,ער עסט ניט, נאָר ער פֿרעסט; ער טרינקט ניט, נאָר ער זויפֿט; ער שלאָפֿט ניט, נאָר ער פּאָפֿט״, פֿוול. ,,אין דער שטט וואור עשׂ בֿור נומן ווי בבֿא דעשׂ קיניגשׂ איידן ווער,

און, ווי אין [= אי] דרוזייאנה צו איין מאַן
הט גינומן“, בבֿא־בוך, 203. „צו הנט מײַנם
הערצי ליבן איידן [אין אַן אַנדער בריוו: איידס]
דער פֿרום און, דער גאטץ פֿראכטיג [=
גאָטספּאָרכטיק] כמר ישׂראל יץ [= ישמרהו צורו]“,
פּראָגבֿ, 14. “ר, קרובֿ, וואָס שלעפּט איר מיט
אײַך אַן איבעריקן פּאַרשוין? [פֿרעגט אַ
בעלהבית דעם אורח] ענטפֿערט ער: דער דאָזיקער
פּאַרשוין איז מײַן א, ווערלכן איך האָבֿ
צוגעזאָגט קעסט“, ממוס, פֿישקע. פֿקפֿ: איידעמל,
־עך. „בײַ אַ יונגערמאַנטשיק עפּעס — און צו
אַלע צרות נאָך, אַן א'ל...געפֿינט [מען] אונטער
דער גמרא אַ ,טרפֿה־פּסול',„ ממוכו, ,די אַלטע
מעשׂה'. „בײַ אונדזער נחת, בײַ אונדזער א'ל,„
שע. „יעדער ייִד וויל אַז זײַן קינד זאָל ווערן
אַן א'ל, זיצן אַ פֿיר־פֿינף יאָר אויף קעסט,„
ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. אַן א'ל אויף האָבער
= אַ פֿערד וואָס קען מער ניט דינען. אַן א'־
שדים — וועגן אַ זייער שלעכטן א'. איר:
ג(אַ)ניידעם, ווש אויף גן־עדן.
איידאַמאַ'ק, ווש אויף הײַדאַמאַק.
א'־ש ט י ב ל, א'־ס אַ ל ק ע. „די בעלי־נחלאָות
בויען אויס אין זייערע בנינים שײַלקעס, וואו

אַן א, זאָל איבער קעסט זיצן און לערנען. און דאָס רופֿט מען א־שטיבל,,, אמד, ר, טרײַטעל, ווילנע 1872.

אײדעמאָנ□יע — די, ־ס. < אײ < גר. געפֿיל פֿון ווײלזײַן, באַזירט אויף שׂכלדיקן באַטראַכטן. צושטאַנד פֿון פֿילן זיך באַפֿרידיקט (גליקלעך), אומאָפּהענגיק פֿון דרויסנדיקע אומשטאַנדן און לעבנס־באַדינגונגען. ־יז□ — דער. שיטה וואָס האַלט אַז אײדעמאָניע איז דער ציל און תּכלית פֿון אַ מאָראַליש לעבן. אַריסטאָטלס עטישע סיסטעם. —יסט. ־יש — אַדי.

אײדעמען — אוטוו. אײדעם, געאײדעמט. זײַן אין מצבֿ פֿון אַן אײדעם אויף קעסט. ,,קוקסטו אים אָן דעם קאַבאַן מיט די פֿאַרפּאָפֿענע אײגעלעך! דו גײ אַהײם א', און בײַ אונדז אין קהל האָסטו אַ קאַרגע דעה,,, ייִל, מײַן ספֿר הזכדונות □, אַדעס 1883.

אײדעקס — דער, ־ן. ← אײדיקס.

אײדער? — די. מצ נבֿ. Mhd: ei(l□hse.
דזוו אײדעקס, אײדיקס. יאַשטשערקע. שווּבֿ פֿאַרטײַטשט אַזוי דאָס וואָרט 'לטאה, (ויקרא, יא, 30), תּי: עקדיש.

איידער — קאַנ. ▯ ▯ 1 ..(l + ▯ :d▯M. ווײַזט
אויף צ ײַ ט, פֿאַרבינדט דעם בײַזאַץ פֿון צײַט
מיטן הויפּטזאַץ און באַשטימט אַז ▯אָס וואָס
דער בײַזאַץ דריקט אויס איז שפּעט▯.. ווי דאָס
וואָס דער הויפּטזאַץ גיט איבער. אַפֿריִער, נאָך
פֿאַר דעם ווי. ,,מעסט גוט אָפּ א, דו שנײַדסט
אָפּ,,, שוו. ,,א, מע פֿאַלט נאָך, קען מען שוין
ניט שטיין אויף די פֿיס,,, שוו. ,,דער
בוראעולם איז געווען א, די וועלט איז באַשאַפֿן
געוואָרן,,, לט2, ו/א. ,,אויף מאָרגן בין איך
געקומען אין באָד באַצײַטנס, אַ סך פֿריִער
א, דער עולם איז ביסלעכווײַז צונויפֿגעקומען,,,

איידער

ממוס, פֿישקע. ,,א, פֿאַר אַזעלכע בלומען וועט
אויפֿשײַנען די זון, וועט זיי דער פֿראָסט
אונטערשלאָגן,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,א,
ער וועט [די עופֿות] אַהיימברענגען, וועלן
העלפֿט אויסציִען די לאַפּקעס“, אָפּאַ, טענצערין.
סוב. נעאָל. ,,ווי זאָל דער זאָמען וואַקסן פֿון
תּהומיקן א',,, אפֿא,...סטעפּ.
2. דזוו ב1, אָבער אײַליק און כמעט

גלײַכצײַטיק. „נאָך א, איך האָב באַוויזן אויסצורעדן אַ וואָרט, איז זי מיך באַפֿאַלן מיט זלזולים„, רייד. „א, נאָך מע טוט אַ בליק, פֿליט ווי רויך אַוועק דאָס גליק„, ממוס, יודל. „א, מע טוט זיך אַ ריר, פֿליט אונטער דער גרעסטער פֿון אַלע צוקער־מעקלערס און כאַפּט אויס פֿון אונטער דער האַנט„, שע, מנחם־מענדל. „ר, פנחסל איז דאָך שטענדיק אַ פֿאַרטראַכטער... און א, ער קוקט זיך אום, והילד איננו“, פּרץ, זכרונות. „א, מע קוקט זיך אַרום, גייט אַוועק די נאַכט„, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.

3. קומט נאָך אַ קאָמפּאַראַטיוו, ספּעצ נאָך ב ע ס ע ר (גלײַכער, ליבער). בּ דזוו ו ו י. „בעסער שפּעטער — א, קיינמאָל„; „בעסער שפּעטער — א, גאָרניט“, שוו. „בעסער אַן אומרעכט לײַדן א, אַן אומרעכט טאָן“, שוו. „בעסער הערן קללות א, הערן ,נעבעך'“; „בעסער זײַן אונטער קלוגע אונטערטעניק א, איבער נאַראָנים אַ קעניג“; „בעסער קליינע בולקעלעך אייגענע א, גרויסע קוילעטשן פֿרעמדע„, שוו. „געהאַט תּענוג...פֿון אַ תּענית מער א, פֿון אַלע תּענוגים פֿון דער גאַנצער וועלט“, נחב, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה„. ליבערשט פֿאַלן אין קאַמף א, זיך אונטערגעבן. „ער איז מ ײַ ן

חכם א, דו מײנסט“, שבֿחי בעשט. „גלײַכער
דאָס [אַ] פֿײַער וואָס מענטשן בלאָזן אויף זאָל
מיך ברענען א, אַ פֿײַער פֿון גיהנם„, דרכי
עולס, ווילנע 1866. קומט אויך מיטן זעלביקן
ב, אַפֿילו ווען עס פֿעלט דאָס וואָרט בעסער.
„גיב דיר אַ ביס אין דער צונג א, דו זאָגסט
אַ ליגן„, שוו.
4. קומט אַנשטאָט ווי (אויך אָן אַ
קאָמפּאַראַטיוו). „און פֿון [פֿאַר] קיין מענטשן וועגן וויל
איך מײַן דעה ניט פֿאַרענדערן אַז איך זאָל
אַנדערש רעדן א, איך מיין„, חה.
5. קומט מיטן ב: אַ נ ש ט אָ ט (בלויז אַ דינער
ניואַנס אין פֿאַרגלײַך מיט ב4). „א אַזאַ לעבן

,

איז שוין גלײַכער אַ בעסערער“, פֿוול. „א,
געמיין — בעסער אַליין“, שוו [אַנשטאָט צו
נעמען אַ ווײַב (אויו אַ מאַן) פֿון אַ געמיינער
משפּחה, בעסער בלײַבן ניט־חתונה־געהאַ□]. „א,
צו שטאַרבן פֿון הונגער איז גלײַכער (לײַטישער)
צו עסן געבראָטנס„, פֿוול. „ניץ דעם אַלטן טאָפּ
א אַ נײַעם שאַרבן„, שוו. „א, געלט אויסצוגעבן

,

און ריזען ביינער, איז גלײַכער
איבערצושטאָרכען אַ מיטאָג מיט וואָס גאָט גיט“, קמ,

,1867
.No 44
6. קומט אַנשטאָט דער פּרעפּ פֿ אַ ר און
איז פּרעפּאָזיציאָנעל; מיט אַ ציַיטבאַטיַיט אַזוי
ווי בֿ1, אָבֿער אָן אַ פֿולן זאַץ. „ער עסט
אָנבֿיַיסן א'ן וואַשן זיך“, רייד. „געוואונדערט האָט
אין מיר דיַין חלום נאָך א'־א'־א, ווערן„, א.
שומיאַטש[ר, לידער.

איידערגאַנדז
-
איַידערג— ענטל. [איַידער > איי
אנדז — די, ־גענדז. אויך:

איידער> איסלאַנד, בֿ:
וואַסע]. גרויסער
טויכפֿויגל, ענלעך צו אַ
קאַטשקע אָדער גאַנדז.
האָט געדיבטע פֿעדערן
און אַ העל־קאָליריקן
שנאָבל. לעבט ביַי
וואַסער־ברעגעס אין די
לענדער פֿון צפֿוו־אייראָפּע. די א, ווערט שטאַרק

געשאַצט צוליב איר געשמאַקן פֿלייש און טײַערן פּוך. somateria mol1issima. אײַדערפּוך — פּוך פֿון אַן אײַדערגאַנדז, זייער ווייך. די זי צופּט אַרויס פֿון זיך גופֿא פּוך כּדי אויסצובעטן די נעסט. „אויף די ברעגעס פֿון די צפֿון־ימים געפֿינען זיך די אײַדערגענדז. דער אײַדערפּוך ווערט געשאַצט זייער הויך", דר, איסעל, איבז, שמײַל, זאָאָלאָגיע.

איידערדיק — אַדי. נעאַל. פֿריִערדיק. וואָס איז געווען איידער אַן אַנדער פּאַסירונג איז געשען אָדער אַן אַנדער אייגנשאַפֿט האָט זיך אַרויסגעוויזן. „זיך אַרײַנלעבן אין דעם אַנדערן, דעם א'ן מלך ראַוויטש", אפֿא, טמז, 15 ׳ 1962 II.

איידער וואָס'...ווי'...ווען — אַדוו פֿראַזע. אויך: א, וואָס־ווען. פֿריִער ווי עפּעס איז (אומגעריכט, גיך) געשען. איידער מע האָט באַוויזן זיך אַרו׳ צוקוקן, עפּעס צו טאָן, דורכצופֿירן עפּעס. „א, וואָס — האָב איך אַרײַנגעכאַפּט קלעפּ", רייד. „א, ווען איז געקומען דער זומער מיט די היצן", רייד. „א, ווי, א, וואָס — אַ בעל־הבית בלײַבט אַ בעל־הבית", שוו. „א, וואָס־ווען איז אונטערגעלאָפֿן די מלחמה", ב. שלעווין, גק, No 47. איידער־וואָסוועניק — אַדי. נעאָל. „עפּעס אַזוינס וואָס

איז א'־וו'־וו, און דאַרף זיך אָנהייבן וואָסן
און וועגען,,, צײַט, נל III.
איידערן — טרוו. ־ער, געאיידערט. פּפֿ:
עדערן. < אָדער. 1. אַרויסנעמען אָדערן.
2. (סט▯ליערע) אַרויסנעמען סוקעס.
אַרויסנעמען אַן אַנדערש־קאָלירטן שטריך, שמאָלן פּאַס,
אין האָלץ.
איידערנעכטן — לאָקל (בּיאַליסטאָק). דזוו
אייערנעכטן ←.
אייהויט — די, ־ן. (אַנאַטאָמיע). ,,[דער
מוטער־קוכן (= אָרט)] איז בּאַדעקט מיט אַ
גלאַטער הילע וואָס פֿאַרציט אויך די גאַנצע
אינעווייניקסטע זײַט פֿון דער הייבּמוטער...די דאָזיקע
הילע הייסט א',,, פֿגעז, ווילנע 1 1925, No.
איי־הײַטל — דאָס, ־עך. הײַטל פֿון אַן איי,
אונטער דער שאָלעכץ.
אײַוואַ', אײַווע — די, ־ס. < אוק. אין פּר
פּיגווע. קוויטעפּל. פֿרוכט וואָס זעט אויס ווי
אַן עפּל, איז געל, האַרט, זייער זויער. מע
ניצט א, נאָר געקאָכטערהייט אָדער
געבּראָטענערהייט. מע מאַכט פֿון א, מאַרמעלאַד,
גאַלערעט(ע). ,,מע פּרעגלט צו רינדבּרוסט מיט
ציבּעלעס, מע גיט צו אַ בּיסל זאַלץ. דאַן לייגט
מען צו שטיקלעך א, און קאַבאַק,,, בּ.

שאַפֿראַן, ייִדישע קוד, וואַרשע 1930. א,־בוים.
.(□ □(1on□a vulga□is

אייוואָל — אַדוו. אַמ. ol□י□.□]o.□..A □ □ .

אַוועק פֿון מיליטער־אָפּטייל אָן דערלו□ כעניש.
י

,,ניט קיין קלייניקייט, אין מלחמה־צײַט איז ער
געוועזן א'. האָט מען אים געכאַפּט‘‘, רייד.

איי וואָס — ← איי, אויסרופֿוואָרט. קומט אין
אָנהייב פֿון אַ זאַץ, אָפֿט פֿון אַ רעטאָרישער
פֿראַגע, מיט בבֿ: אויבֿ איר וועט אײַנווענדן,
האָבן אַ טענה; איז עס ניט קיין ראַיה, קיין
אָפּפֿרעג. ,,א, וו', איר וועט פֿרעגן 'פּרנסה'?
עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער גאָט, ער פֿירט
אויס!,,; ,,א, וו,, ס'איז נישט עפּעס אַזוי
גלײַך...וועט איר אַ ברירה האָבן נישט געבן,,,
שע, קליינע מענטשעלעך. ,,א, וו', ער האָט
נישט קיין דירה? דער הימל, דער איז זײַן
געצעלט!,,, פּרץ, לידער און פּאָעמען.

איי־וויי — דזוו אוי־וויי ←. [בײַ אוקראַאינער
געוועזן אַן אופֿן פֿון אָפּלאַכן פֿון אַ דערשראָ..
קענעם ייִד. ־□h□]a□]O□.□) ,e]□]□o

]I□]a□]□]y□י□]□]□]□][

[.c]▯O▯O ▯3ו[כ▯ו▯a

אייווײַס — דער, ־ן. (בּיִאָכעמיע) אַלבּומין. קאָמפּליצירטער פּראָטעאינישער שטאָף וואָס געפֿינט זיך אין בלוט, אין מילך, אייער, פֿלייש אאַ, אין געוועבן פֿון געוויקסן; שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבעדיקע אָרגאַניזמען. ,,דער אײַנגענומענער און איבּערגעאַרבּעטער א, (פֿון פֿלייש, אייער, מילך, געוויקסן) דינט ווי בּוימאַטעריאַל פֿאַר אונדזער גוף,, פֿגעז, ווילנע

,

6▯5 1923, No. ,,אַז מע געפֿינט א, אין אורין, איז עס אַ סימן אַז מע האָט קראַנקע נירן", רייד. ,,ווען דער צוקער פֿאַראייניקט זיך אין דער פֿלאַנץ מיט שטיקשטאָף און פֿאָספֿאָר און שוועבל, בּאַקומען מיר א'־קערפּערס פֿון וועלכע עס איז אויפֿגעבּויט די פּראָטאָפּלאַזמע", א. ש. זאַקס, דאָס לעבּן פֿון פֿלאַנצן, נ"י 1916. ,,עס זײַנען פֿאַראַן פֿינף גרונטשטאָפֿן וואָס דער קערפּער מוז אויפֿנע▯ען.. ▯די פּראָטעאינען (א'־שטאָפֿן), קראָכמאַל..,,, דר, י. גלען, פֿאַר, 30 ▯1965 II. א'—מילך — פּרעפּאַראַט אויף דער בּאַזע פֿון פּוטערמילך פֿאַר זויגקינדער וואָס לײַדן פֿון דורכפֿאַל. טאָז, וואַרשע 3 1929, No.

איזיוויַסל — דאָס, ־עך, ־ען. 1. וויַסער
פֿליסיקער טייל פֿון אַן איי (←). 2. דזוו
אייוויַס. „די לעבנס־דערשיַינונגען זיַינען ניט
מער ווי געוויסע זייער פֿאַרפֿלאָנטערטע
באַוועגונגס אַרטן וועלכע די אַטאָמען פֿירן אין

יענעם שטאָף וואָס רופֿט זיך א'„, זשיט II, נ„י
.1912
אייוועלע — דאַס, ־ך. פֿקפֿ פֿון איוון ←.
„אין א, קיין פֿענדעלע, אין שטיַיגעלע קיין
הענדעלע, אין ביַיטעלע קיין רענדעלע“, שוו.
„נאָכדעם האָט ער פֿאַרקאָכט טיי אויפֿן נאַכט־א'„,
א. ראַבאָי, איינ נע ערד. דוד המלכס א, =
יונגע פֿרוי וואָס האָט חתונה מיט אָן אַלטן
מאַן [אויפֿן סמך פֿון דעם סיפּור וועגן אַבֿישג
השונמית, מלכים א,
איַיז — דאָס, בא. 1 .M d is. 1 .פֿאַרפֿרוירו

איַיז
-

וואַסער פֿאַרהאַרטעוועט אונטער דערווירקונג
 -

פֿון אַ טעמפּעראַטור, נידעריקער ווי 0 גראַד צעלסיוס אָדער 32 גראַד פֿאַרענהייט (בײַם געוויינלעכן לופֿטדרוק). א, איז ווייניקער געדיכט ווי וואַסער, לײַכטער ווי וואַסער און שווימט אויפֿן וואַסער. טרוקן א'. א'־קאַלט. די פֿיס זײַנען ווי שטיקער א'. זיך גליטשן אַויפֿן א'. פֿאַרקאָוועט מיט א'. דאָס א, פּלאַצט שוין. *דאָס א, גייט = ק ר ִי ע ס א, שווימען שוין אויפֿן טײַך. שטעלן אויף א, = אויפֿהיטן, פּרעזערווירן פּראָדוקטן דורך האַלטן אויף א'. אויך פֿיג: ניט באַטראַכטן, אָפּלייגן אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט. *ווערן אַ שטיק א, = דורכגעפֿרווירן ווערן. *ער (ז▯) איז אַ שטיק א, = אָן טעמפּעראַמענט, קאַלט אויך אין די סיטואַציעס ווען מען איז געוויינלעך אויפֿגערעגט. „ווי קומט די קו פֿון א'?“, טענדלאַו 189 = רירט זיו ניט פֿון אָרט [וועגן אַ פּאַמעלעכן שליח, אַרבעטע▯] פֿפֿ: קאַלט ווי

.

(אויף) א,. גלאַט ווי (אויפֿן) א'. “שבת שירה [פֿאַלט אויס אין חודש שבֿט] איז דאָס א, גלײַך ווי אַ ווירע“, שוו. „דין א, ברעכט זיך גרינג„, שוו▯ *גיין (וו▯) אויף דינעם א, = זייער

אָפּגעהיט (בײַ אַן אונטערנעמונג, בײַ
אונטערהאַנדלונגען). ,,שבת, ווען מע האָט ניט קיין
וואַסער צום וואַשן, מעג מען אויפֿהאַקן דאָס
א, כּדי מע זאָל האָבן וואַסער,,, חא, לה/א.
,,דאָס וואַסער קומט צו. גרויסע שטיקער א,
פֿליִען, קריכן איינע אויף די אַנדערע, טונקען
זיו אונטערן וואַסער און שפּרינגען צוריק
אַרויס,,, י. א. קאַצאָוויטש, 6O יאָך לעבן. *
טאַנצן אויפֿן א, = אײַנשטעלן, ריזיקירן און
דורכפֿאַלן. ,,אַז עס גייט איינעם גוט, גייט ער אויף
דעם א, טאַנצן“, פֿוול.
2. געפֿרוירנס, ליאָדי, לאָקל (טשערנאָוויץ).
3 פֿיג פֿאַר קאַלטקייט, גלײַכגילטיקייט,
.
קאַלטבלוטיקייט, פֿאַרן פֿעלן פֿון געפֿילן, ספּעצ
רחמנות. אַ האַרץ פֿון א'. אַ שטיק א,
אַנשטאָט אַ האַרץ. אַ מענטש אַ שטיק א'. בלײַבן
קאַלט ווי א'. ,,שרײַ חי וקים — ס'איז
אומזיסט די טירחא גאָר, ווי א'־קאַלט זײַנען זיי
און פֿילן אויף קיין האָר,,, ‫וױס, יודל. ,,כאָטש
דו ביסט פֿון דרויסן א'־קאַלט, אָבער דײַן
האַרץ אין דיר מוז פֿלאַמען“, עט, לידער.
,,ס'ווײַט אַ קעלט אויף דעם ירידל, / א, —
צו וואָס דו שטעקסט זיך צו, / אָ מײַן אָרעם

ייִדיש לידל, / בלייַב מיר דו כאָטש, וואַרעם
דו,,, אַר, 'ווען דאָס לעבן...'. *דאָס א, הייבט
אָן צעגיין = מע ווערט נעענטער, עס הייבן
זיך אָן וואַרעמערע באַציאונגען. *ברעכן דאָס
א, = וועגן ברוגזע וואָס האַלטן בײַם
איבערבעטן זיך. *לאָזן אויפֿן א, = זײַן גלײַכגילטיק,
ניט האָבן קיין אינטערעס פֿאַר עמעצן (עפּעס).
,,די ייִדישע בחורים לאָזן [די ייִדישע מיידלעך]
איבער אויפֿן א, און זיי טרעפֿן זיך מיט
ניטייִדישע סטודענטינס,,, טמז, 1 □ 1961 .II
א'־זאָנע. א'־מאַסע. א'־ליכט — ,,דער
דאָרנבוים, בײַם צאַם־טויער, דער היטער, ער פֿלעכט
אַרום מיט א'־ל, א□יך דעם ווינט,,, הל, בלאָט
אויף אַן עפּלבוים. א'־מויער — דיקער שיכט
אײַז. ,,ליגנדיק מיט די פּנימלעך צום א'־מ',

אײַזאָפּ

שעפּן זיי מיטן קווערטל...,,, ווײַס II, דער
איבערגאַנג'.
אײַזאָפּ — דער. דזוו איזאָפּ, אזובֿ (←). ,,פֿאַר
לונגין זוכט נעם לאַקריץ זאַפֿט און, א'־זאַפֿט
איטליכשׂ צווייא לויט“, סור, כא/ב.
אײַז־(באַ)האַלטער — דער, ־ס. לאָדאָווניע.

קעלער, גרוב אָדער געפּלאַסטערטער באַסיין וואו
מע זאַמלט אָן אײַז אין ווינטער אויף צו ניצן
זומערצײַט. „אין אײַלעניש האָט מען באַלד
פֿאַרמאַסקירט דעם לאָך פֿונעם געוועזענעם א'־
ב',„ בערג, בײַס דניעפּער II.

אײַזבאַקס — דער, ־עס. אַמ. □ ieebo □ □.

אײַזקאַסטן ←. „שיט אַרײַן אַ האַנטפֿול מאָן,
שטייט אין א',„ אָפּאַ, אונטערוועלט.

אײַזבאַרג — דער, ־בערג. 1. באַרג, באַדעקט
מיט אײַז. דער א, די יונגפֿרוי אין דער שווייץ.
„זייער פֿירער...שטייט אין דעם פֿלאַמען־קרײַז
קאַלט און פֿאַרפֿראָרן, אַן א', פֿון זייערע פֿונקען
באַשפּריצט“, יהואָש, 'דער געוועזענער נבֿיא'.
2. קאָלאָסאַלע מאַסע אײַז (פֿון אַ גלעטשער)
וואָס שווימט אין קאַלטע רעגיאָנען פֿון
אָקעאַנען, אַ נײַנטל פֿון דער מאַסע איבערן
וואַסער. איז אַ סכּנה פֿאַר שיפֿן. אויך אײַזבערג,
י
דער. 3. גרויסער הויפֿן אײַז. „אויף דער
גאַס, אויף די אײַזבערג איז געשטאַנען איינער
מיט אַ לאָם און זייער שוואַך געאַרבעט,„ סע □,
פֿון רוסלאַנד, וואַרשע 1920.

אײַזבײַטל — דער, ־ען. (גומענער) בײַטל,
פּענכער מיט שטיקלעך אײַז צוצולייגן צו אַ

טייל פֿון קערפּער וואָס מע וויל אָפּקילן. אַן
א, אויפֿן שטערן אַראָפּצושלאָגן די היץ. „צו
בּלוט־הוסטן...אויף דער בּרוסט זאָל מען לייגן
אַ קאַלטן אומשלאָג...(נישט קיין א') □, י.
שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבּערג תּרס״ט. [אַמ —
איַיזבּעג, □ iee ba].

איַיזבּער — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ינטע, ־יכע, ־ס.
ווײַסער בּער, דער
גרעסטער פֿון אַלע
מינים בּערן. לעבּט
בּײַ די בּרעגן פֿון
די אַרקטישע ימען;
איז אַ גוטער
שווימער און לאָזט זיך
אַרויס אויף געיעג אויך אין אָפֿענעם ים. „דאַן
איז אויו שיין צו זען דעם א, אָדער דעם
ווײַסן בּער ווי ער שפּאַצירט אום דאָרט אין
די איַיז־פּאָקויעס און ווי ער קלעטערט אויף
די איַיז־טורעמס“, אמד, דאָס אײַנגעפֿראָרענע שיף,
ווילנע 1882. „מיטאַמאָל האָבּ איך דערזען אַן
א'ן. איך האָבּ געוואָלט...אַ שפּרונג טאָן אויף
אַן אינדזל„, דר, אָרשאַנסקי איבּז, שאַמיסאָ,
פּרץ שלומיאל, וואַרשע 1902.—mari sus □ □]ו

.mus

אײַזבראָך — דער, ־ן. צעשפּאַלטונג, אָפּריס
פֿון דעם אײַז איבער אַ פֿאַרפֿרוירענעם טײַך.
„פּייסיס שווערע געדאַנקען רײַסט פּלוצעם
איבער אַ טרישטשענדיקער א',„ אי. דרוקער,
קלעזמער, קיִעוו 1940.
אײַזברעכער — דער, ־ס. 1. מאַסיוו
געבויטע שיף מיט אַ שאַרפֿער נאָז פֿון אײַזן צו

1()'

שפּאַלטן אײַז און שאַפֿן אַ קאַנאַל, אַ וועג אין
אַ פֿאַרפֿרוירענעם טײַך, האַפֿן, ים. „מיט
שווערער מי איז...געלונגען צו קריגן אין שוועדן
אַן א'...וואָס האָט געשפּאָלטן דאָס אײַז און
געמאַכט אַ וועג דורך דער אײַזפֿלאַך אויפֿן
באַלטישן ים“, טאַג, 2 .9 1959 I. סטרוקטור
פֿון שטיינער, ציגל אע פֿאַר אַ בריק כּדי צו
פֿאַרהיטן אַז די בריק זאָל ניט געשעדיקט ווערן
ווען עס גייט דאָס אײַז, ווען דער טײַך לאָזט
נאָך. 3. וואַלפֿיש ←.
אײַזגאַנג — דער, ־גענג. פּראָצעס, ווען
שטיקער אײַז, קריִעס שווימען מיטן שטראָם

פֿון אַ טײַך, נאָכדעם ווי אַדאַנק דער
פֿרילינגדיקער זון האָט זיך צעשפּאָלטן דער אײַזדעק
פֿון טײַך. „דעמאָלט איז אָבער געווען גראָד
דער א', וואָס אין דער צײַט קען קיין שיף
אויף דעם וואַסער ניט גיין“, ספֿר שבֿחי רמ״ל,
לעמבערג, יאָר?
אײַזגאַרן — דער, ־ס. גלאַנציקער גאַרן,
פֿאָדעם וואָס איז דיקער און שטאַרקער ווי דער
געוויינלעכער פֿאָדעם. געניצט פֿאַר אײַנגנייען
קנעפּ, אַרומנייען קנאָפּלעכער אאַ.
אײַזגליטש — דער, ־ן. דזוו גליטש.
ספּאָרטפּלאַץ באַדעקט מיט אײַז אויף גליטשן זיך
אָדער פֿאַר אַ ספּאָרטשפּיל. אייזגליטשער
--
— דער, ־ס. 1. געוויינלעך בלויז מצ. דזוו
גליטשער ←. 2. ווער עס גליטשט זיך אויפֿן
אײַז.
אייזגראָטע — די, ־ס. נאַטירלעכע הייל
--
וואָס פֿורעמט זיך אויס אין אַ באַרגיקער געגנט
און וואו דאָס וואַסער וואָס טריפֿט אַרײַן ווערט
פֿאַראײַזט אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און פֿיגורן.
„און אַ קעלט ווי אין דער א, וואָס איך האָב
באַזוכט אויפֿן וועג“, פּרץ, „בריוו צו דער

דאַמע בײַם מער,.

אײַזגרובּ — די & דער, ־גריבּער. 1. גרובּ
פֿאַר אָדער מיט אײַז. לאָך אויסגעהאַקט אין אײַז.
,,זײַנען געקומען דרײַ מלאכי־חבּלה און האָבּן
דעם רבּי[ן] פֿון דעם בּרענענדיקן פֿײַער

אָרויסגעכאַפּט און ־האָבּן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ
גרובּ וועלכע הייסט 'בּור הקרח, (א'), ווײַל
ער איז שטענדיק פֿול מיט שניי און אײַז“,
ריבֿ,,ל, די הפֿקר־וועלט 2 .II. דזוו אײַז־(בּאַ)־
האַלטער.

אײַז־גרייַפּעלע — דאָס, ־ך. קליינטשיק און
קײַלעכדיק שטיקעלע אײַז. אַ שניי מיט א'־ג'ך
פֿון אויבּן. נס.

אײַזדעק — דער, ־ן. שיכט פֿון אײַז וואָס
בּאַדעקט אַ שטח פֿון וואַסער אָדער יבּשה.
דיקער א'. אויך פֿיג. ,,פֿון אונטער דעם א,
פֿון סאָוועטיש־יִדישער ליטעראַטור...האָט דער
נסתּר...אָפּגעראַטעוועט אייגענע יִדישע פֿונקען
פֿאַרן אוצר פֿון נאַציאָנאַלע יִדישע ווערטן,,,
ש בּיקל, שרייַבּער פֿון מײַן דור I.

צעשפּאַ

— די, ־העק. שפּיציקער א צו
טן, צעהאַקן אײַז. אויך: אײַז אָס.

אײַזהאַ

אײזהאָקי — דער & די. פּפּ□...האָקיי'. דזוו
-
האָקי. אַ ספּאָרטשפּיל צווישן צוויי מאַנשאַפֿטן
אויף אַן אײַזגליטש וואָס בּאַשטייט אין

אַרײַנאײַזיק

קלאַפּן אַ קליינעם גומענעם דיסק אין דעם קעג..
נערס טויער. „בּײַ אונדז אין קאַנאַדע זײַנען
אַלע פֿאַרקאָכט אין א'„, רייד.
אײַזהאַקער — דער, ־ס. 1. דזוו אײַזבּרעכער.
2. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט האַקן אײַז
פֿון אַן אײַזדעק (איבּער אַ טײַך, אָזערע א□) און
פֿאַרקויפֿן דאָס אײַז פֿאַר אײַזקאַסטנס,
אײַז(בּאַ)האַלטערס אאַ.
אײַזהיטל — דאָס, ־ען. 1. אײַזבּײַטל, ספּ□צ
צוגעפּאַסט אַרויפֿצולייגן אויפֿן קאָפּ. 2. (
בּאַשטענדיקער) אײַזדעק (←). „וואָס ווײַטער וערן
די אייבּערשטע שיכטן פֿון די וואַסערן אין
טײַך אונטערן א, פֿאַרפֿרוירן און מאַכן דיקער
דעם פֿריִערדיקן אײַז־שיכט“, א. ש. זאַקס, דאָס

לעבן פֿון פֿלאַנצן.
אײַזוואַסער — דאָס, ־ן. וואַסער פֿאַרמישט
מיט אײַז. אײַז־קאַלט וואַסער. „זי איז
געגאַנגען אין דער מוטערס בּרייטער קאָמאָנע...
און זיך געמאַכט א'‘‘, אָפּאַ, אונטערוועלט.
אײַזטוי — דער, ־ען. פֿאַרפֿרוירענער טוי,
ראָכקינד־שקליאַר וובֿ. „זיך אויפֿגעכאַפּט
בּאַגינען, אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער — די
צוויַגן זײַנען בּאַדעקט מיט א', און עס איז
ערשט אָקטאָבּער„, רייד. „'אינעי, □נ□□נ□]
האָט בּאַדאַרפֿט ווערן איבּערגעזעצט: א',
אָפּטמאָל זעט עס אויך אויס ווי אײַז־פֿליטערלעך,
אײַזליכטלעך, אײַזצויטן, אײַזפֿלעכטלעך,
אײַזצאַפּנס‘‘, מ. גראָסמאַן, היימיש, כּיסלו תּש„ד.
אײַזטויכער — דער, ־ס. ווער עס טונקט
זיך אָפּ אין אײַזיקן וואַסער. „דער א, האַקט
יעדן טאָג אויס אַ לאָך אין אײַז און בּאָדט
ז□ו„, רייד.
אײַזיאַכט — די, ־ן. סטוטש. יאַכטשיף וואָס
איז צוגעפּאַסט צו וואַסערן מיט קריִעס אײַז.
אײַז־ים — דער, ־ען. אַרקטישער ים,
פּאָלאַרים. צפֿונדיקער א'־י'; דרומדיקער א'־י.. פֿיג.
דאָס קעלטסטע, בּיטערסטע. „עס וואַרט...דער
אָפּגרונט פֿון א'־י'„, סעג, קאַפּריזן.

אײַזיק — אַדי. 1. וואָס איז פֿון אײַז, ווי
אײַז, האָט אַ שײַכות צו אײַז. זייער קאַלט.
א'ער צפֿון. א'ער ווינט. א'ער ים. א'ער גלאַנץ.
די ריינע א'ע לופֿט. „און שפּעטער אין יאָרן
און טעג נע־ונדע אויף גאַרע פֿון תּפֿיסות און
א'ע קריִעס„, הל, אין טרעבלינקע.... 2. פֿיג.
גלײַכגילטיק. קאַלטבלוטיק. וואָס איז אָן
געפֿילן, אָן רחמנות. „וואונדערלעך און רואיק
איז דאָס ליד געפֿאַלן און פֿאַרגליווערט די
הערצער מיט זײַן א'ער שטילקייט„, ייִש איבּז,
ח. נ. בּ אַליק, 'די מגילה פֿון פֿײַער'. „זײַן
׳
טראָפּן יושר איז אַ פֿאַרגליווערטער...אַן א'ער,
ניט קיין אײַזערנער„, שנ, ייִד, שרײַבּער אין
סאָוו'־פֿאַרבּאַנד ־יקייט — „סאַראַ שטילקייט
.
אויף אונדזער גאַס פֿון לידער, סאַראַ וויסטע
א, עס איז אָנגעשטאַנען„, אַלטער עסעלין, פֿאַש,
.III 1958 □ 1

ענגלישן גלגול פֿון א, אויך אײַז□, זן. בּײַם
אײַזיק — מענער־נאָמען. < יצח , דורך אַן

או פֿרופֿן צו דער תּורה: יצחק־א'. ,,א, הוא
לפֿעמים כּינוי לשאלתּיאל“, ספֿר גט מסודר,

אײַזיקן
-

בּילגאָריי 1932. א'יכע — פֿטמ, ווײַבּ פֿון
אַ מאַן וואָס הייסט א, פֿאַמיליע־נעמען: א',
.
א'ס, א'סאָן אאַ. א, ר, יעקעלעס — נגיד
און פּרנס אין קראָקע, אויפֿגעשטעלט יעקעלעס
שול, געשטאָרבּן 1653. דער נאָמען בּאַרימט
אין גאַליציע. דערפֿון: ,,רײַך ווי א, ר,
יעקעלעס,,; ,,זאָרגן זיך פֿאַר ר, א, ר, יעקעלעס“
[= מע דאַרף זיך ניט זאָרגן]; ,,זיך
פֿאַרלאָזן (ווי) אויף (ר') א, ר, יעקעלעס“; ,,גיי
פֿרעג בּײַ א, ר, יעקעלעס“ [ניטאָ בּײַ וועמען
צו פֿרעגן]; — ,,ווער? — א, ר, יעקעלעס“
[איר, ווען עמעצער פֿרעגט און מע וויל ניט
זאָגן].
אײַזיקן — אוטוו. אײַזיק, געאײַזיקט. נעאָל.
ווערן אײַז. בּאַדעקט ווערן מיט אײַז. ,,דאָ
אײַזיקט בּאַלד דאָס אָרט ווי נאָר עס רעגנט“,
משה לאָקיעטש, צנק, פֿעבּ, 1966

אייזל — דער (דאָס), ־ען. די זי: אייזעל□ין,
־יכע, ־ינע, ־(ינ)טע, ־ס. פֿקפֿ: אייזעלע.
1. esel M□d□. (זאָאָלאָגיע) אונטערמין פֿון
פֿערד. sIl1isa suu□(□]. דער שטובֿיקער א,
האָט לאַנגע אויערן, אַ
גלאַטן עק, באַדעקט
מיט האָר נאָר אויפֿן
שפּיץ, אַ גרויע פֿעל
און אַ קורצע גריווע.
ווערט אין אָ סך
לענדער (אין אַזיע, אַפֿריקע,
דרום־אייראָפּע) באַנוצט
צום טראָגן אויפֿן רוקן
אָדער שלעפּן משׂאות און צום רײַטן. „אייזיל
— חמור„, אבֿ, שמות דבֿרים. „אַן א,
דערקענט מען אָן (נאָך) די לאַנגע אויערן, אַ
נאַר — אָן דער לאַנגער צונג„, שוו. „עס
איז גוט אַז די א, קיין הערנער האָט„,
טענדלאַו, 218. „אַז דו וועסט זען דײַן שׂונאס א,
ליגן אונטער זײַן משׂא, זאָלסטו זיך
אָפּהאַלטן פֿון איבערלאָזן צו אים„, תּי, שמות, כג,
5. „חלילה וחס זאָלט דער איזל הערנר האבן,
ער העט דעם עולם לענגשט אונטר גראבן„,

צוכט. „אַ קאַנטשיק דעם פֿערד, אַ צוים דעם
א, און אַ פּריטיע צו די פּלייצעס פֿון
נאַראָנים„, מס, משלי תּקע״ד, כו, 3. „'ישׂשכר
חמור גרם, — ישׂשכר איז געווען
אונטערגעגעבן אונטער דעם יאָך פֿון דער תּורה אַזוי
ווי דער א, איז אונטערגעגעבן אונטער זײַן
יאָך פֿון טראָגן משׂאָות אויף זיך״, תּנחומא,
בּראשית, וואַרשע תּרמ״ו. [פֿערד האָט מען
געניצט פֿאַר מלחמה, אויף א'ען האָט מען
געריטן. דערפֿון דאָס בּילד בּײַ זכריה, ט, 9,
אַז דער גערעכטער מלך וואָס וועט אײַנשטעלן
שלום וועט זײַן 'עני (= אַן ענוו) ורוכבֿ על
חמור,. דאָס איז אַריבּערגעטראָגן געוואָרן אויף
דער פֿאָרשטעלונג פֿון משיחס קומען: אַן
אָרעמער וואָס רײַט אויף אַן א'.] „דער נבֿיא
זאָגט אַזוי: עני ורוכבֿ על חמור ועל עיר
בּן אתונות — וועט איר קאָנען זיו אַרויסנעמען
פֿון דעם פּסוק אַז פֿון דער ליטע קאָן משיח
ניט קומען, ווײַל אין דער ליטע...מיט אַן א,
...הייסט ער שוין קיין אָרעמאַן ניט, ער קאָן
שוין מאַכן אַ לעבן פֿון פֿורמאַנסטווע!„, ירמי,

יו׳ף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. בּ ל ע מ ס א, ← בלעם. ,,אויף בּלעמס א אַפּילו איז אויך אָנגעקומען אַ שעה, אין

,

וועלכער עס האָט פון דער העלער הויט אים זיך געעפֿנט דאָס מויל און האָט געהאַלטן אַ שיינע רעדע,,, ממנס, פּישקע.

א'ס ה ײַ ט — די, מצ (פֿון הויט = פֿעל). אַרכ. ,,זײַן אונזרה עלטרן גיוועזן קינדר פֿון לײַט, זײַן מיר קעגן זיא אַז מיר מעכטן שטעקן אין איזלשׂ הײַט,,, עיון, ג/א.

ו ו י ל ד ע ר א, — לעבּט אין אַבּיסיניע און מזרח־מצרים איןווילדן צושטאַנד. זײַן פֿעל איז פֿון קרעם־קאָליר מיט פֿײַנע שטרײַפֿן פֿון בּרוין און רויט. פֿון אים שטאַמט אָפּ דער פֿאַרהיימישטער אייזל. Asin]1s ׳anio]׳us.

מ אָ נ ג אָ ל י ש ע ר א, — ענלעכער צו אַ פֿערד ווי צו אַ אייזל. לעבּט אין ווילדן צושטאַנד אין די סטעפּעס פֿון מאָנגאָליע. אָפּטמאָל ווערט פֿאַרהיימישט פֿון די אָרטיקע אײַנוואוינערס. onus׳m׳(b 1uus)׳[־

2. פּיג. אײַנגעשפּאַרטער, פֿאַרעקשנטער. אָפּגעריסענער נאַר. פֿפּ פֿאַר בּיידע בּבּ: נאַריש,

קלוג ווי אַן א'; אײַנגעשפּאַרט ווי אַן א,,;
אַ קאָפּ ווי פֿון אַן א', האָבן שׂכל ווי אַן א';
אַרבעטן, שלעפּן, אײַנשפּאַנען זיך ווי אַן א';
הירזשען ווי אַן א'. שפּאַרן זיך ווי אַן א,,;
קוויקן זיך ווי אַן א, מיטן קוקעריקו.
א'־אויערן = לאַנגע. א'־מ ו ס ר — ,,עפּעס ציטערט נאָך אין אים פֿאַר א,־מ, און א'־פֿוס,,, פּרץ, 'דער אויסלענדישער פֿויגל'. א'־מילך. א'־פֿעל. א'־ק אָ פּ — ,,גיי רייד מיט אַזאַ א'־ק'!", רייד. א'־קאַראַוואַן. א'־ק י נ ד = זידלוואָרט צו אַ ייִנגערן מענטש. א'־שטאַל. ־דיק — אַדי. ־דיקייט.
אײַזלאָך — די (דער), ־לעכער. פּראָרובקע, פּראָלובקע. פּאָלאָנקע, עקעטע (זאַמעט). לאָך, אויסגעהאַקט אין אײַז צו שעפּן וואַסער אָדער צו כאַפּן פֿיש.
אײַזלאַנר — 1. לאַנד באַדעקט מיט אײַז. 2. דזוו איסלאַנד.
אייזלבאַנק — די, ־בענק. אויך: אייזלס באַנק. די לעצטע באַנק אין קלאַס וואו שטרענגע לערערס פֿלעגן איבערזעצן די נאַרישסטע, די ערגסטע תּלמידים (פּוילן, בוקאָווינע, גאַליציע).
אייזל־טרײַבער — דער, ־ס. ווער עס פֿירט

(אַ קאַראַוואַן) אייזלען. „אַזוי ווי עס שטייט
דאָרטן אין דער גמרא אַ משל פֿון דעם מאַרק
פֿון די א־ט, וועלכע פֿלעגן זיך פֿאַרדינגען
אויף צוויי מײַל פֿאַר אַ גולדן“, תּניא, כא. „דאָס
קליינע מלחמהלע האָט געדאַרפֿט א־ט'ס“, אפֿא,
געטראַכט מיט עבֿדי־טײַטש.
אײַזליכטל — דאָס, ־עך. לאַנגער,
קײַלעכדיקער אײַזצאַפּן וואָס שאַפֿט זיך ווינטערצײַט
אויף צווײַגן פֿון ביימער אָדער אויפֿן ראַנד
פֿון דעכער, פֿונעם שניי וואָס שמעלצט
לאַנגזאַם אויף דער זון. „שׂרהקע איז ווי אַ
פֿאַרכּישופֿטע געזעסן און געקוקט ווי די
הונדערטער א'עך, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פֿון
די הויכע ווײַסע סאָסנעס, האָבן געבּלענדט
די אויגן,,, אַפּאַ, אַליין.

אײַזן
-

אייזל(י)ש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער ווי
בײַ אַן אייזל; וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר
אַן אייזל. „איך שטיי בײַ דעם פֿענצטער...און
הער...ווי אייזלשע טריט ערגעץ טאָפּטשען“,
אפֿא, קאַראַוואַנען. „זיי לערנען פֿרום די '

זקניציון, ווי תּהילימס, און קענען א, רעדן צו
מענטשן“, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי.
אייזלען זיך — אוטוו. אייזל זיך, זיך
געאייזלט. מיִ. זיך אויפֿפֿירן ווי אַן אייזל, זייער
נאַריש. זיו מאַכן צום נאַר. „ווי ער האָט זיו
געאייזלט!„, טענדלאַו, 170.
אייזל־רײַטער — דער, ־ס. 1. ווער עס
רײַט אויף אַן אייזל. 2. אָנצוהערעניש אויף
משיחן, דעם 'עני ורוכבֿ על חמור'. „...האָט
בשעתו געעפֿנט דעם [ציוניסטישן] קאָנגרעס
מיטן ווערטל: ער קאָן שוין לענגער אויף דעם
א'־ר, ניט וואַרטן„, ייִבֿל 227 ,II XI.
אײַזמאַן — דער, ־מענער. אַמ. ווער עס
שטעלט צו אײַז אין שטובֿ אַרײַן.
אײַזמאַשין — די, ־ען. מאַשין צו
פֿאַרפֿרירן וואַסער, צו מאַכן אײַז אויף אַ קינסטלעכן
אופֿן.
אײַזמויל — דאָס (דער), ־מײַלער. פּאָלאָנקע.
דזוו אײַזלאָך ←. „זיי זעען אַז זי האָט מורא
צוצוגיין צום א'„, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'.
אײַזמעווע — די, ־ס. מעווע אין דער אַרקטיק,
אינגאַנצן אַ ווײַסע, מיט שוואַרצע פֿיסלעך.
Pag()][ןila eburnea.
אײַזן — ד אָ ס (ווי אַ כעמישער עלעמענט

און ווי אַ שטאָפֿנאָמען), ד ע ר (ווי אַ
קאָנקרעט שטיק, ווי אַ מכשיר), ־ס. M□d□ isen.
1. כעמישער עלעמענט. מעטאַל. סימבאָל [□e].
אַטאָמישע וואָג 55.85; אַטאָמישער נומער 26.
אין ריינעם צושטאַנד זילבער־װײַס. ציט זיך
צו צו אַ מאַגנעט און קען ווערן מאַגנעטיזירט
(אויף אַ קורצער צײַט). אין פֿײַכטער לופֿט
ווערט גרינג אָקסידירט (זשאַווערט). גראַוויטעט
בײַ 26□ צעלסיוס — 7.86. מע געפֿינט א,
כּמעט אומעטום איבער דער וועלט, געוויינלעך
אין אַ צונויפֿמיש מיט קוילנשטאָף. איז אַן
ערך 5□ פֿון דער ערד־קאָרע. ריין א, שמעלצט
בײַ 15350 צעלסיוס. לאָזט זיך לײַכט האַמערן
און ציִען אין דראָטן. וויכטיקער שטאָף פֿאַר
די בּיִאָכעמישע פּראָצעסן בײַ בעלי־חיים און
געוויקסן. בײַ בעלי־חיים געפֿינט זיך א, אין
אַלע אָרגאַנען, דערעיקר אין דעם בלוט־פּיגמענט
(העמאָגלאָבּין); אין געוויקסן איז דאָס א,
קאָנצענטרירט אין זייערע גרינע טיילן. האָבּן געגוג
(וויניק) א, אין בלוט. „[פֿאַר די] וואָס קענען
ניט אײַנהאַלטן דעם אורין...מאַכן...וואַנעס פֿון
וואַרעם וואַסער אין וועלכער עס איז געקאָכט
געוואָרן א, פֿון דער אַפּטייק“, טארלער רבּי,

סגולות ורפֿואות, לאָדז 1910? „די שפּײַז מוז
אויך אַנטהאַלטן פֿאַרשיידענע זאַלצן, ווי קאַלי,
נאַטרי, קאַלק, א', פֿאָספֿאָר“ פֿגעז, ווילנע 1925,

,

No 5. ג ע ל ע ר א, = גאָלד. ש מ ע ל צ א'.
איבעראַרבעטן אײַזנאַרץ אין שמעלצאײַזן.
2. יעדע זאַך וואָס איז געמאַכט פֿון א,
אָדער האָט אין זיך א'. [וויכטיקער מאַטעריאַל
פֿאַר דער ציוויליזאַציע. אין אַ פּרימיטיווע

אײַזן

פֿאָ.עם זינט אַן ערך 5,000 פֿאַר אָ אָבער
די תּקופֿה פֿון אָפֿטערן ניצן א, ערשט נאָך
דער בראָנדז־תּקופֿה. בהדרגה האָט מען

אויס געפֿונען אַלץ בעסערע מעטאָדן און מיטלען
צו שמעלצן און לײַטערן א'אַרץ.] א, ווערט
געניצט אין דרײַ גרונטפֿאָרמען: ש מ י ד א, ,

ג ו ס א, און שטאָל. א ־מינעראַל. א'־רודע.
„ווען עס קומט צו א, דאַרף מען אונטערשיידן
ש מ י ד א , , פֿ ל ו ס א '...און ש ו ו י י ס א ',,,
ייִשפּ XX, 3. [פֿון די מאָדערנע הויכאויוונס
באַקומט מען אַרויס אַ פֿליסיקע א'־מאַסע וואָס

ווערט פֿאַראַרבעט אין אַ גרעסערער צאָל מינים
שטאָל. אין דער איצטיקער טעכנאָלאָגישער
עפּאָכע איז א, דער וויכטיקסטער מעטאַל אין דער
אַלץ־וואַקסנדיקער פֿיל־פֿאַרצווײַגטער
מעטאַלורגישער אינדוסטריע.] א׳־אינדוסטריע. א׳־
אַרבעטער. א׳־געווערק. א׳־זאַוואָד. א׳־פֿאַבריק.
גאַלוואַניזירט א׳. קובאָווע א׳. „א, — בּרזל„, אב,
שמות דבֿרים, איזנע 1542. פֿפֿ: האַרט, שווער,
שטאַרק פֿעסט ווי א,. גרוי ווי א׳.
אַדיעקד־ ,

טיוויש: א□־האַרט, א׳־פֿעסט, א׳..שטאַרק, א׳־גרוי
(אַ קאָליר). „שלאָג (קלאַפּ, שמיד) דאָס א,
כּל־זמן עס איז הייס„; „א, ווערט אויך
איבערגעזשאַווערט„ [= דער שטאַרקסטער מענטש
ווערט אויו מיט דער צײַט שוואַך]; „ווען דאָס
א, צעהיצט זיך ניט, וואָלט דער האַמער
געבליבן אַ נאַר“; „דער א, איז רויט און דער
□ שמיד איז ניט גרייט [לד: רײַט = גרייט]„;
„אַ מענטש איז ניט קיין (אָדער פֿון) א׳„;
„שטאַרקער פֿון א, איז קיינער ניט“; „צרות
זײַנען פֿאַר דעם מענטשן וואָס זשאַווער פֿאַר
דעם א׳„, שוו. „...געבאָרן תּובֿל־קינען, דעם
אויסשלײַפֿער פֿון אַלערליי קופּער און א,־
געצײַג„, תּ׳, בראשית, ד, 22. „א, שאַרפֿט מען

מיט א',,, מ , משלי תּקע"ד, כז, 17.

3. ספּעצ. שטאַנג, שטאַבע, לאָם פֿון א,. מיט אַן א, צעשפּאַלטן, צעהאַקן דאָס אײַז פֿון דער לאַווע. כאַפּן אַן א, און פּלעטן דעם קאָפּ. קללה: ,,זאָלסט זײַן ווי אַן א': זאָלסט זיך ניט קענען (אײַנ)בייגן,,. ,,דז זיא דען יודי אום גיבּרענגט, דהײַנו האבּן אים איין א, אין קאָפּ גישלאגען אונ, אין וואַשׂיר גיוואָרפֿען אונ, אונטר גידרוקט בּיז ער גיבּליבּן איז", 'שו,,תּ פּני יהושע', אַמשט 1715 [הש I]. ,,ווען איינר האָט איין וואונד בּיקומן פֿון איין שווערט אודר זונשׂט פֿון איינם א', זו איז מן אַך מחלל שבּת פֿון זײַנט וועגן,,, לט1, עח/א.

4. ספּעצ. פּרענט צו פֿאַרלייגן, פֿאַרשליסן אַ טיר, אַ טויער. שלאָס. פֿאַרשליסן די טיר און פֿאַרלייגן אַן א'. האַלטן עמעצן הינטערן א, = האַלטן פֿאַרשפּאַרט, אין תּפֿיסה אע. ,,נויט בּרעכט א', (דלות בּרעכט שלעסע),,, שוו [=] מע מוז ווערן אַ גנבֿ איבּער גרויסער נויט; בּ) ווען מען איז אין מצבֿ פֿון סכּנה, פֿון געצוואונגענקייט, איז מען קאַפּאַבּל צו טאָן דאָס שווערסטע אָדער דאָס אומגעזעצלעכע]. ,,דאשׂ שפּריך וואָרט איז: נויט

ברעכט א'‘‘, פּראָגבּ, 55. ,,...האבּן גיזאגט אונזרי
ווײַזן, וויא נויט דז בּריכט אָפּט די שטין
און, א',,, אבּ, ,פּאַריז און וויענע'. *אַז אָלע
א'ס וועלן ברעכן = א) ווען עס וועט מער
ניט זײַן קיין אָפּהאַלט פֿאַר דער סכּנהדיקסטער

אונטערנעמונג; בּ) אַז אַלע פֿאַרבּאָטן וועלן
בּטל ווערן.

5. קייט אָדער יעדער אַנדער מיטל וואָס מע
שמידט אין דעם אַ געפֿאַנגענעם, אַן אַרעסטירטן.
א'ס אויף די הענט און פֿיס. מיט אַן א,
אַרום האַלדז. ,,ער איז גיפֿנגן גיוועזן אין א,
גנגן, אַפֿילו דערנאָך דא מן אין האָט אויז
גיליזט‘‘, ,שארית יוסף, שו,,ת,, קראָקע 1590
[הש I]. ,,זוא האָט דער מלך...בּיפֿאהלין מאַן
זאַל איהם קעשׂטיגין [= בּאַשטראָפֿן] און,
פֿײַניגין מיט אײַזין אום זײַן האַלז און, אום
זײַן פֿיס‘‘, גה, 9. ,,דער הער בּאַפֿעלט מען
זאָל אים אין א, שליסן בּיז מ'וועט אים איין
משפּט אויסגעבּן‘‘, א. פּאַוויר, גדולת יוסף,
יוזעפֿאָוו תּקצ‘‘ח.

6. ספּשצ. פּרעס(ל). פּלעטמאַשין. פּרעסא.,
פּלעטא'. אויך: ק ו י ל נ א.. שטעלן דעם א,
אויפֿן פֿײַער. אָנוואַרעמען דעם א'. אויפֿבּלאָזן

(די קוילן פֿון) דעם א'. אונטערטראָגן דעם מײַסטער דעס הייסן א'. נאָכאַמאָל איבערגיין מיטן א'. „אַ גרויסע זאַך! מע גייט דורך מיטן א, און — ס'איז פּאַרטיק„, רייד. פּראָסטער א, = פּרעסל אָן קוילן. שווערער א, = גרויסער פּרעסא, צו פּלעטן אַ מאַנטל אָדער בכלל דיקע שטאָפֿן. שער און א, = די וויכטיקסטע מכשירים פֿון שנײַדערײַ. אויך פֿיג: שנײַדערפֿאַך, שנײַדערס. ע מ ך, ש ע ר א ו ן א'. „מיט שער און א, קען מען אַ סך באַווײַזן“, שוו. „גם די שנײַדערס וואָס קילן אָפּ דאָס א, און די בעקערס וואָס וואַשן זיך אָפּ די הענט אין וואַסער — טאָר מען זיך שוין מיט דעם וואַסער ניט וואַשן„, ספֿר שלחן עָרוד, ח“ב.

7. יעדער מין מכשיר (פֿאַר אַ בעל־מלאָכה) וואָס איז געמאַכט פֿון א'. „זאָלסט דאָרטן בויען אַ...מזבח פֿון שטיינער, זאָלסט ניט אויפֿהייבן אויף זיי אַן א, [ברזל]“, תּי, דבֿרים, כז, 5. „ס'איז רויערד וואָס אַן א, [דה אַ ק ע ראַײַזן] האָט זיך צו איר קיינמאָל ניט צוגערירט“, רייד. „און קיין האַמערס און קיין האַק, קיין שום א'־ג ע צ ײַ ג, איז ניט געהערט געוואָרן אין דעם הויז [= דה בית־המקדש],

ווען עס איז געבויט געוואָרן,,, תּי, מלכים א,
ו, 7. ,,דער א, פֿון הובל מוז זײַן גלײַך צו
דער גרעב פֿון האָלץ אין הובל,,, רייד (סטאָליער
פֿון וואָלין). ,,א, דעקל מוז מן גליִאַן [צו
כּשרן אויף פּסח], דען מן בּראט אונטר ווײַלן
דרויף,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, יג/ב.
אור־א, — (שלאָסערײַ) אײַזערנער מכשיר אין
פֿאָרעם פֿון אַן]ו. בּ ל אַ נ ש י ר־א, — (
גאַרבּערײַ) געצײַג וואָס מיט אים פּוצט מען אָפּ
די לינקע זײַט פֿעל פֿון דער מעזדרע. ג ר אָ בּא'.
ה ו י לא, — (טאָקערײַ) געבויגענער עקבּויער.
ו ו י נ ק לא, — (מוליער) אַ געצײַג
אויסצוהאַקן אַ לאָך אין אַ וואַנט. ט ע־א, — (
שלאָסערײַ) אײַזערנער מכשיר אין פֿאָרעם פֿון אַ].,
ט ר ע טא, — (שוסטערײַ, קאַמאַשן־שטעפּערײַ)
מכשיר אָנצושטעלן אַ קאַנט פֿאַר שטעך.
ט ש ו י ף־א, — (סטאָליערײַ) אַ געצײַג צו מאַכן
לעכער. ל אָ כא, — (שנײַדער) אַ מכשיר
אויסצוהאַקן (אין שטאָף) לעכער (פֿאַר קנעפּ).
ל י י טא, — צוצולייטן, צו פֿאַראייניקן דינע

אײַזן
-

דרעטלעך (אין אַ ראַדיאָ, טעלעוויזיע). ל ע כ לא, — דזוו פֿאַנטן־א'. נ י טא, — (טאָקערײַ) שטיק א, מיט פֿאַרשאַרפֿטער פּאַזע צו טאָקן די ברעגן. ס ט ר י נא, — (בלעכערײַ) א, אויף

אויסצובייגן בלעך. פּ ל אַ ט י ר־א, — (גאַרבער ד) געצײַג אויסצוגלעטן לעדער(פֿעל) אין נאַסן צושטאַנד אָדער האַלב־טרוקן. פֿ אַ נ ט ן־א, — (זעמשערײַ) געצײַג אויסצוהאַקן ווינקלען אין די פֿאַנטן. צ אָ קא, — (סטאָליערײַ) געצײַג צו מאַכן צינקעס. ק אַ מא, — (זעמשערײַ) געצײַג צו מאַכן צייכנס וואו אויסצונייען די האַפֿט.

ק ל אַ פּ — (שוסטערײַ) האַמער אויסצוקלאַפּן די אײַנגענעצטע פּאָדעשוועס. ק נ אָ פּ ל ע כ ל־א, — (זעמשערײַ). ר ע קא, — (גאַרבערײַ) א', צוגעשרויפֿט צו דער רעקבאַנק, אויסצוציִען און ווייכער צו מאַכן לעדער. ש אָ בא, — (גאַרבערײַ) מכשיר אַראָפּצושאָבן די רעשטלעך פֿלייש און פֿעטס פֿון דער אינעווייניקסטער זײַט פֿון פֿעל. ש אַ ר פֿא, — (בלעכערײַ) מכשיר אין פֿאָרעם פֿון אַ רידל צו קלאַפּן בלעך. ש ט אַ מא', ש ט ע מא', אויו שטאַמויזע, שטאַמײַזע — (סטאָליערײַ, טאָקערײַ אאַ) געצײַג פֿון פֿאַרשיידענער ברייט אויסצוגלעטן,

אויסצוגלײַכן נאָך אַ פֿריִערדיקן באַאַרבעטן.

8. פֿיג. דאָס וואָס איז האַרט, טעמפּ, אומפֿרוכטיק. דער וואָס איז אָן געפֿילן, אומבּרחמנותדיק. גענוצט נאָר ל ג נ א י. ער איז אַ שטיק א'. „מע דאַרף זײַן פֿון א, דאָס צוצוזען און ניט פּלאַצן„, רייד. „און דער הימל וואָס איבּער דײַן קאָפּ וועט זײַן קופּער און די ערד אונטער דיר א'“, תּי, דבֿרים, כח, 23. „קופּער און א, זײַנען זיי, אַלע פֿאַרדאָרבּן זײַנען זיי“, תּי, ירמיה, ו, 28. „פֿון שטאָל און א', קאַלט און האַרט און שטום, שמיד אויס אַ האַרץ פֿאַר זיך, דו מענטש, און קום“, ח. נ. בּיאַליק, 'אין שחיטה־שטאָט'. „דו לעבּסט אין אַ צײַט דאָך פֿון א, און שטאָל. אָ, הערסטו דאָס רוישן, דאָס קלאַפּן?“, אַר, 'צו מײַן האַרץ,.

„ער וועט ניט העלפֿן, ער האָט ▯ ה אַ ר ץ פֿון א',„ רייד. *ס'עסן איז א, = מע קען עס ניט צעקײַען; ס'איז אָן אַ טעם. *עסן (עמעצן) ווי א, = שטאַרק יאַדען, מאַטערן.

9. פֿיג. גענוצט ווי אַן אַדי, אַן אַדוו. האַרט, שטאַרק פֿעסט, זיכער, געזונט פֿאַרלאָזלעך,

’ ’

אומבּאַזיגלעך אע. גענוצט ל ש בֿ ח. אַ מין סופּערלאַטיוו פֿון די אָנגעוויזענע אַדיעקטיוון.

האַלטן פֿון עמעצן א'. א'־פֿעסט, א'־שטאַרק.
„ער איז א'. וואָס זאָג איך? שטאַרקער ווי א,!“,
רייד. „ער שפּילט פֿוטבאָל — א'!„, רייד.
בײַם באַגעגענען זיך אין אַן עת־צרה: „־— וואָס
מאַכסטו? ווי פֿילסטו זיך? — א'. — וואָס
מיינסטו? — איך בין פֿון א, אַז איך האַלט
עס אויס“. אַ האַרץ פֿון א'. „מע דאַרף האָבן
אַ ה אַ ר ץ פֿון א, דאָס אויסצוהאַלטן“, פֿוול
(אויך מיטן ב8). „מיט זײַנר קראַפֿט די
שטאַרק אַז א', דא הט ער זי אַל גישטוכן נידר„,
בָבָא־בוך, 122. „מע זאָל טאַקע זײַן אויס
א, האָט מען עס אויך ניט געקענט
אויסהאַלטן„, עט, סערקעלע. „איך ביו אויס
לויטער א', אַז איך האָב דאָס...געקענט
איבערלעבן„, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער
III, דראָהאָביטש 1898. „נעמט זיך שוואַרץ

איינבינטלען
-
אײַנבינטלען — טרוו. ־טל אײַן, ~געבינטלט.
צתויפֿנעמען, צונויפֿבינדן אין אַ בינטל. א, די
בלימעלעך. א, כריין, מערן. א, דאָס
צעשאָטענע היי.

איינביס — דער, ־ן. אָקט אָדער רעזולטאַט פֿון
-
אײַנבײַסן. אײַנגעביסענער אָרט אין אַ קערפּער.
אַ צו גרויסער א'. אַן א, מיט שאַרפֿע ציין.
,,זע, דער א, איז נאָך אַלץ געשוואָלן,,. פֿרגל
אײַנבײַס, 1095.
איינביסן — טרוו7 & אוטוו. אַרכ. ־s]־b: : <
-
s(. אָנווערן, האָבן היזק. ,,טוט מענכר
גוטר מאַן אײַן ביסן אונ, די רמאים טוט עז
גניסן,,, אַשכּנז. ,,ווער עס ווייש דז ער ווערט
נאָך יום טובֿ נישט אײַן ביזין אַן קרן, אַזו טאָר
ער נישט פֿר קופֿן [אום חול־המועד], דאָך ווען
ער ניט האָט אויף (הוצאות יום טובֿ)... אַזו
מעג ער פֿר קופֿן,,, עח, סט/ד. [אין דער
אויסגאַבע וואַרשע תקצ,,ז האָט מען א, פֿאַרביטן
אויף 'אײַנבײַסן'; מע האָט א, שוין ניט
פֿאַרשטאַנען.] ,,אַלץ איז דעם מענשן אויף גזעצט
פֿון איינם ראָש השנה ביז צום אַנדרן ר,,ה וואשׂ
מן זאָל גוואונן אַדר ח"ו אײַן ביסן", עפּש,
דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796.
איינביקעווען זיך — אוטוו ־קעווע זיך אײַן,
--

זיך ▯..־,געבּיקעוועט. < בּיק. אײַנעקשנען זיך. אײַנגעבּיקעוועט זיך, כאָטש האַק אים און בּראָק אים.

אײַנבּירגערן — טרוו. ־ער אײַן, ▯,געבּירגערט. 1. געבּן בּירגעררעכט אַן אימיגראַנט. א, די אימיגראַנטן נאָך פֿינף יאָר זײַן אין לאַנד. „מע וועט אײַך אַרײַנלאָזן אין דער שווייץ, אָבער מע וועט אײַך ניט א'". 2. אַרײַננעמען עמעצן פֿון אַ פֿרעמד לאַנד (אָדער פֿון אַן אַנדער געגנט פֿונעם אייגענעם לאַנד) און שאַפֿן לעבּנסמעגלעכקייטן ווי פֿאַר אייגענע אַלט־געזעסענע. „געבּן דאָס רעכט... צום א, אין די גובערניעס..."‚ קמ, 29 l868, No. "צו בּאַקומען זייער בּירגערשאַפֿט, האָט די טשעכאָסלאָוואַקישע מאַכט אָנגענומען אַלע מעגלעכע מיטלען

אײַנצובּירגערן די שטאַטלאָזע ייִדן„, צ. ה וואָקסמאַן, אין לאַנד פֿון מהר„ל און מאַסאַריק וואַרשע 1936. 3. אײַנוואָרצלען. אײַנשטעלן. „... מאַכט אַ סוף צום בּלבּול פֿון ייִדישער פּהדנות, אַ בּלבּול וואָס אָפֿילו אייגענע פֿאַרוויאַנעטע ייִדן האָבּן געהאָלפֿן א'"‚ יג, טמז, 14 7▯19 ▯I.

מיט ז י ך — (באַזעצן זיך און) געפֿינען פֿאַר
זיך לעבנס־מעגלעכקייטן ווי אַ
פֿולבאַרעכטיקטער בירגער. ווערן ווי איינער פֿון אַ נײַעם
קאָלעקטיוו. א, זיך אין דער נײַער שול און ווערן
גבאי. אויך: מיקראָבן, ווירוסן בירגערן זיך אײַן
אין אָפּגעשוואַכטן קערפּער. פֿיג. דער דלות האָט
זיך אײַנגעבירגערט בײַ זיי. ־ךנג. ־ניש.
איינבלאָזן — טרוו. בלאָז אײַן, ־געבלאָזן,
--
~געבלאָזט. 1. בלאָזן (לופֿט) אין עפּעס.
אַרײַנבלאָזן. א, לו□ט אין באַלאָן. א, רויך אין
די אויגן. א, די נשמה אין גוף. „ריד דיא הייליג
דוא הקב„ה האָט דעם מענשען זעלברט אײַן
גיבלאזן,„ בראַנט, פּרק ח. „דא קאַם איין מלאך

1()97

און, וואַר איטליבם מאַן פֿון סנחריבֿ איין
פֿאדים פֿון פֿײַאר אײַן בלאזן און, זיא וואַרן אַזו
אַלי גיטיט...„„ צאינה, שמיני. „דא נוך האָט
ער אים [אָדמען] אײַן גבלאזן דיא נשמה דז
ער וואַר לעבנדיג„, מחזור שלש רגלים, אַמשט
.1713
2. צעבלאָזן. אויפֿבלאָזן. א, זשאַר און

צעפּירן אַ פֿײַער. 3 פֿאַרלעשן. דער ווינט האָט
.
אײַנגעבלאָזט דעם לאַמטערן. פֿיג: אײַנשטילן,
אײַנרואיקן. „מע דאַרף די מחלוקת א„ ניט
אויפֿבלאָזן„.
4. אײַנטרומייטערן, אײַנשאַלן. א, אַ תּקיעה
גלײַך אין אויער אַרײַן. 5. אײַננפֿיחהן. א,
יענעם אונטער דער סאַמע נאָז.
6. אַרײַנהויכן, אַרײַנגעבן (מוט, האָפֿענונג,
כּוחות אע). א, אַ נײַע נשמה. א, אַ רוח־(ה)חיים
אין אַן אָרגאַניזאַציע, געשעפֿט. א, אין די
פֿאַרייִאושטע אַ נײַע נשמה. א, האָפֿענונג אין
דעם דורכגעפֿאַלענעם.
מיט ז י ך — אויך: ווערן בר ִ גז, פּראַוועןן
רוגז. א, זיך ווי אַן איידל־געפֿאַטשקעטע
מאַמזעל. סוב: ~בּלאָז — דער. ־ונג.
איינבלאַט — דאָס & דער, ־בּלעטער. (
בּאָטאַניק) נאָמען פֿון אַ צאָל געוויקסן וואָס
צייכענען זיך אויס מיט איין (גרויסן) בלאַט, ספּעצ
פֿאַרנאַס־גראָז. „בײַ דער מילצבלום אָדער בײַם
א, (פּאַרנאַס־גראָז) שאַפֿן דעם גאָלד־קאָליר...
די אייבערשטע געלבלעבע בלעטער, אויף
וועלכע די בּלומען זיצן ווי אויף טעלערלעך„, י
פּאָליאַנסקי, בּלי פֿון געוויקסן, קיִעוו 1927.

—יק — אַדי. א'ער וואַזאָן. א'ע אויסגאַבע.
איינבלאָטיקן — טרוו. ־טיק איַין, ~

געבלאָטיקט. איַינשמוציקן. איַינשמירן מיט בלאָטע, קויט. א, די פּאָדלאָגע. „האָבן זי אויסגעשמירט, איַנגעבלאָטיקט, איר געגעבן צו האַלטן אַ בעזעם, געמאַכט פֿון איר אַ באַבאַ אַגאַ„, באַש, ־י,

פֿאָר, 30 IX 1967 פּיג. באַוואַרפֿן מיט זידלע.
ריַיען פֿאַרשמוצן דעם נאָמען. א, דעם קעגנער.
.
מיט ז י ך — פֿאָרען זיך צווישן בייטן און א, זיך. א, זיך ביַי אַ קוראַציע, ביַים נעמען בלאָטע־וואַנעס.
איינבלאָמבירן — טרוו ־ביר איַין, ~
גע—. .
בלאָמבירט. פּפֿ: ~פּלאָמבירן. אַריַינלייגן אַ בלאָמבע. פֿאַרפֿעסטיקן מיט אַ בלאָמבע. א, אַ צאָן. א, דעם פּאַק סחורה. ־ונג.
איינבלאַמירן — ← אויסבלאַמירן, 153.
-
איַינבלאָנדז(ש)ען, ־דזיען, ־דען — אוטוו ־דז(ש)ע, ־דזיע, ־דע איַין; ~געבלאָנדז( )עט,

־דזיעט, ־דעט. 1. גיין מיט אַ ניט־ריכטיקן
וועג פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן. א, אין וואַלד און
.
ניט קענען אַרויס פֿון דאָרטן. 2. אַרײַנקומען
ערגעץ צופֿעליק, אָן אַ כּוונה. „איך וויל ניט
ווערן אַ מיטגליד. איך האָב נאָר
אײַנגעבלאָנדזשעט אין אײַער צימער“. מיט ז י ך — גיין
און גיין און א, זיו. ־עניש.
אײנבלאָנקען — אוטוו. ־קע אײַן, ~
גע־.
בלאָנקעט. 1. דזוו דפֿוו. א, אין דאָרף ווי אַ
פֿרעמדער. 2. גיין אָן אַ ציל. א, גאַס־אויס
גאַס־אײַן. מיט ז י ך ־עניש.
.

אײַנבלײַבן

אײנבלאַסן
— טרוו. בלאַס אײַן, ~געבלאַסט.
-
1. מאַכן בלייכער, שוואַכער אין קאָליר. א, די
פֿאַרב. א, די רויטע פֿלעקן. 2. דערפֿירן צו
בלאַסקייט. די קרענק האָט אים אײַנגעבלאַסט.
3 פֿאַרטונקלען. שטעלן אין שאָטן. א, מיט
.

שיינקייט אַלע אָנדערע פּרויען. „מיט זײַן רעדע
האָט ער אײַנגעבלאַסט די פּריִערדיקע
רעדנערס".. מיט ז י ך — א, זיך פֿון דערשרעק.
—ונג.
איינבלאָען

— טרוו. בלאָ איַין, ◌י'געבלאָט.
-
לד. דזוו אײַנבלויען.
איינבלאָקיר — טרוו ־קיר אײַן, ~(גע)־
ן .
-
בלאָקירט. 1. אײַנצוימען, אײַנשטעלן,

אײַנ־
פּעסטיקן אַ שטערונג. א, דעם וועג, דעם צופֿאָר
צו דער שטאָט. 2. אײַנקוואַרטירן (←).
3. אײַנראַיאָנירן (←) —ונג.
.
איינבלוטי — טרוו ־טיק אײַן, ~
געבלוקן .
--
טיקט. אויך: ◌,בלוטן. 1. אײַנשמירן אין
(מיט) בלוט. א, די קליידער. *א, די הענט =
טייטן, אומברענגען מענטשן. 2. פֿאַרוואונדן,

פֿאַרשנײַדן (װעגן גוף). א אַ פֿינגער. 3 פֿיג.

, .

-

נעאָל. אַרײַננעמען אין זיך אַזױ װי אײגן בלוט. „שװער אײַנצובלוטיקן אין זיך אַ נײַע שפּראַך„, סעג, מײַנע זיבן יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ מיט ז י ך — „און האָט זיך אײַנ עבלוטיקט בײַם קלעטערן און בײַם טאַנצן„, דר, אָרשאַנסקי איבז, שאַמיסאָ, פּרץ שלומיאל, װאַרשע 1902. ־דנג.

אײנבלויען — טרוו. בלוי אײַן, ~געבלויט.

-

1. ארײַנגעבן בלויעכץ, בלויס, סינקע (אַ אויך: ~בלאָען, ~בלו(ה)ען, ~בלאָוון.

-

פּראָשיק אָדער אין אַ האַרטער פֿאָרעם) בײַם װאַשן װײַסע װעש. „אַז מע װעט א, די װײַסע העמדער בײַם װאַשן, קען מען זיי טראָגן

לענגער,,. 2. צוגעבן, צומישן נאָך בלויע פאַרב.

בּאַפאַרבּן מיט אַ שטאַרקערן בּלויען קאָליר.
א, דעם האָריזאָנט פון הינטערגרונט. 3.
איינריכטן אין בּלויען, מאַכן אַ בּלויען פלעק. זעצן
זיך אויף בּלויע יאַגדעס און א, דאָס קלייד.
*א אָן אויג = וואוילינגעריש. אונטערהאַקן

אַן אויג, עס זאָל בּלייַבּן אַ בּלויער צייכן.
מיט ז י ך — האַלטן בּלויעכץ און א, זיך.
־עכץ. ענישׁ.

איינבּלומיק

— אַדי. וואָס האָט נאָר איין
בּלום. א'ע געוויקסן. אַן א'ער וואַזאָן.
איינבּל אַסקען — ־קע איין, ~געבּליאַסקעט.

אוטוו אַרייַנדרינגען מיט אַ שטאַרקער שייַן,

מיט אַ בּל אַסק. די זון בּליאַסקעט איין דורך

די האַלבּ־צוגעמאַכטע לאָדנס. טרוו — מאַכן

אַ גלאַנץ, אַ בּל אַסק. דערפֿירן צו דעם, עס
י
זאָל גלאַנצן. א, די שיך, זיי זאָלן זינגען.
־עניש.
איינבּל אַקעווען — טרוו ־קעווע איַן, ~
געַ— י
בּל אַקעוועט. דזוו איַנבּלאַסן, בּ1. די זון
י
בּל אַקעוועט איַן די קאָלירטע טיבער. מיט
י

ז י ך.
איינבּלייבּן — אוטוו. בּלייַבּ איַן, ~געבּליבּן.
־ ־
1 פֿאַרבּלייַבּן. ניט פֿאַרלאָזן אַן אָרט. א, בּייַ
.
קרובֿים בּיז איבּער די יום־טובֿים. 2. ניט

איַנבּלייכן

איַנבּיַיטן אַ מצבֿ. לאָזן ווי עס איז. זאָל עס א
ווי עס איז.
איינבּלייכן — טרוו בּלייך איַן, ~געבּלייכט.

-

1. ← אײַנבלאַסן. 2. (וועגן גרעט) מאַכן גאָר ווײַס. "לייגן נאַסע ווײַסגרעט אויף דער זון, באַנעצן עטלעכע מאָל דורכן טאָג און לאָזן זיך טריקענען, — אַ מיטל פֿאַר פֿערלדיקער ווײַסקייט". מיט ז י ך — א, זיך און ווערן א שאָטן פֿון אַ מענטש ־ונג.

—

.

איינבל עןאוטוו. בלי אײַן, ~געבליט.

-

1. אָנהייבן בליִען, אַרויסגעבן שפּראָצן. א, ווי נאָך אַ מאַיאָוון רעג. 2. צעבליִען זיך, צעגרינען זיך, צעוואַקסן זיך. א, ווי אַ שיינע רויז. ־עכ ן.

איינבליצן — בליץ אײַן, ~געבליצט. אוטוו

 -

— אַרויסקומען מיט אַ בליץ. דער פֿרילינגדיקער הימל בליצט אײַן ווי פֿאַר אַ רעגן. פֿיג א, מיט אַ געדאַנק. טרוו — 1. אײַנפֿינקלען, אײַנבלאַסקען. א, דאָס געפֿעס, עס זאָל שעי

מערירן. 2. נעאָל. אַרײַנברענגען עפּעס גיך און שיין, ווי אַ בליץ. ,,נאַסע ווינטן גאַלאָפּירן

... און בליצן אײַן חלומות ניט קיין היאי
קע", סוץ, וואַלדיקס.
איינבליק — דער, ־ן. 1. אַרײַנבליק,

אַרײַנ

-
דרינג. אַן א, אין תּוך פֿון דעם ענין. אַ טיפֿער
א'. „איז נישט אַן אײַליקע מיסיע ביסלעכווײַז
צו עפֿענען פֿאַר זיי אַן א, אינעם לעבן פֿון די
רעדונגען..."‚ נפֿ, ייִפֿאַ, 1939, 2. 2.
אײַליקע, בחיפּזונדיקע באַקענונג. „דאָס בילד...
ווערט... סוגעסטירט דורך זײַטיקע בליקן און
א'ן„ ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... 3. פֿטמ.
דזוו אָנבליק. כאַפּן אַן א, מיט עמעצן ווי אַ
געבאָרענער צווילינג.
אײַנבליקן — אוטוו & טרוו (זן). בליק אײַן,
געבליקט. 1. אַרײַנקוקן בחיפּזונדיק. אַ
קוק טאָן אויף דער גיך אָדער בשתּיקה. א,
איבער די פּלייצעס אין אַ שכנס צײַטונג.
2. אַרײַנדרינגען צום עיקר פֿון אַ זאַך,
דערשײַנונג אדגל. א, (אין) דעם ענין ביז צו זײַנע
חדרי־חדרים. מיט ז י ך — 1. דזוו אײַנקוקן

זיך. א, זיך גוט אין עמעצן. ,,זי האָלט עס
פאַר אַ שלעכטער טבֿע דאָס א, זיך אין פֿרעמדע
פּנימער" פאָר, 1966 III י 29 .2 .2. גוט, טיף
,
באַטראַכטן. א, זיך אין דעם ווי דער פּראָצעס
איז געגאַנגען. ־עכן.
איינבלישטשען — ־שטשע אײַן, ~

געבלישטשעט. אוטוו — אײַנכּליאַסקען.
אַרײַנדרינגען מיט העלער ליכטיקייט. אײַנשײַנען. דורך
אַ שפּאַרונע בלישטשעט אײַן די זון. טרוו —
אײַנפּוצן, רייניקן ביז צום בלישטשען, גלאַנצן.
א, די מעשענע קנעפּ.
איינבלעזלען — טרוו. ־זל אײַן, ~
געבלע־־
זלט. 1. מאַכן אָזוי (אײַנטרייסלען, אײַנקאָכן
אָדער אַרײַנשיטן עפּעס) עס זאָלן ווערן
בלעזלעך. א, אַ גלאָז וואַסער מיט טרינקסאָדע. א,
דעם סיפאָן מיט מער גאַז. א, דאָס וואַסער אין
טשײַניק. 2. שאַפן בלעזלעך דורך בלאָזן.
דורך אָ שטרויעלע בלאָזן אין זייפוואַסער און
עס א'. 3. אויפבלעזלען (←, 400).

בלאָזן די הויט, עס זאָלן אַרויסשלאָגן
געשווירלעך. „די הייסע זון בלעזלט אײַן די הויט
אויפֿן גאַנצן פּנים„. אויך מיט ז י ך.

אײַנבלעטערן — טרוו. ־ער אײַן, □,
געבלעטערט. 1. פֿאַרבלעטערן. פֿאַרמישן דאָס
בלאַט וואו מע לייענט אין בוך. א, דאָס בוך
און דערנאָך זוכן עטלעכע מינוט וואו מע
האַלט אין לייענען. 2. אויסלייגן אָדער
באַשיטן מיט בלעטער. א, די פֿאָדלאָגע. 3.
אײַנוועלגערן דינע טייגבלעטער. א, אייערטייג אויף
לאָקשן. 4. אײַנוויקלען אין דינעם טייג. א,
פּרישן קעז און מאַכן בלינצעס. מיט ז י ך —
דאָס בוך האָט זיך אײַנגעבלעטערט. די לאָנקע
בלעטערט זיך אײַן פֿון דעם שכנס בוים.

אײַנבלעכלען — טרוו. ־כל אײַן, ~
געבלעי
כלט. אַרײַנטאָן (אײַנשיטן, אײַנגיסן אע) אין
אַ בלעכערנער פּושקע. א, פּרוכטזאַפֿט, אַרבעס,
□ לייש אע.

אײַנבלענדן — טרוו. בלענד אײַן, ~
געבלענדט. מאַכן עס זאָל בלענדן, שטאַרק שײַנען.
א, די שטיוועלעך, עס זאָל קנאַקן. *א, די
אויגן = א) פֿאַרהוילן דעם אמת, אַרויסשטעלן

די מעלות און פֿאַרשווײַגן די חסרונות;
בּ) אַרויסדרייען זיך אונטער פֿאַלשע תּירוצים.
א, די אויגן מיט פֿאַלשע הבֿטחות —ונג.

.

־עניש.
אײַנבּלעקערצן — טרוו. ־קערץ אײַן, ~
געבּלעקערצט. פּפֿ: ..,בּלעקעכצן. 1.
אײַנשמוציקן מיט מייקעכץ. זיך אָנשיכּורן און
א, די אייגענע מלבּושים. 2. (גראָבּ)
אַרײַנשרײַען. א, מיאוסע רייד אין די אויערן אַרײַן.
מיט ז י ך — רעפֿל. א, זיך ווי אַ דבֿר־אַחר.
אײַנבּעבּען — טרוו. ־בּע אײַן, ~געבּעבּעט.
אײַנמורמלען. אײַנשטאַמלען. א, עפּעס, אַז מע
זאָל ניט פֿאַרשטיין קיין איין וואָרט פֿרגל
אײַן.
בּעקען. ־עניש.
אײַנבּעזעמען — טרוו. ־זעם אײַן, ~
געבּעזעמט. 1. אײַנשמײַסן מיט אַ בּעזעם (אין
בּאָד בּײַם פֿאַרען זיך). א, יענעם, אַז די הויט
זאָל רן אים אַרונטער. 2. שטאַרק זידלען,
מוסרן, קריטיקירן. א, אַ פֿראָסטאַק, ער זאָל
וויסן זײַן אָרט. מיט ז י ך — אַרויפֿגיין אויף
דער אייבּערשטער פּאָלקע זיך א'.
אײַנבּעטן 1 — [לאַנגע ע אין פּד, אוקר] טרוו.

בעט אײַן, ~געבעטן. 1. פּועלן בײַ עמעצן
עפּעס צו טאָן דורך אײַנטענהן, אויפֿווײַזן אע.
מיט הכנעה א אַ טובֿה. א, די קינדער, זיי זאָלן
,
ניט גוואַלדעווען. *ער איז ניט אײַנצובעטן=מע
קען זיך ניט א, בײַ אים. *ניט קענען א, =
אײַנטענהן, זיך בעטן און ניט פּועלן. ,,איבער
דעם האָט מען ביז אַהער נישט זוכה געווען
אײַנצובעטן דעם צדיק בשום־אופֿן אַהין
אַרײַנצו אָרן,,, [חיים מאַלאַגאַ], 'גדולת ר, וואָלף...',
[יפֿ]. אויף מאָרגן האָב איך אים אײַנגעבעטן,
ער זאָל... מיך אָפּפֿירן קיין בויבעריק'', ממוס,
'דער חילוף'. ,,מע קען זי [די יידישע נשמה] ניט
נעמען א, דורך קיין שום זאַך, סײַדן נאָר דורך
אַ באָד'', ממוס, מסעות.
2. איר. נייטן. ,,ער וועט ניט טאָן, — וועט

אַיי נבענטשן

מען אים א, מיט מוזיקע, מיט אַ גוטן שטעקן,,..
אָפּט מיט ז י ך.— (ניט קענען) זיך א, בײַ
עמעצן. א, זיך מע זאָל לאָזן איבערנעכטיקן.
א, זיך אויף אַן אַרבעט. ''איך האָב פֿײַנט מיך

איינצובעטן,,, ווײַס, קנאה און תּאווה. “... האָבן זיך ניט לאַנג קוים איינגעבעטן, מע זאָל זיי צונעמען“, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895.

,,קוים מיט צרות האָב איך מ י ר איינגעבעטן, דער אַלטער... זאָל מיר איבערגעבן די האַנט,,, שע, 'זעקס־און־זעכציק'. ,,סוף־כּל־־סוף וועלן זיי זיך א', אַז מע זאָל זיי זיך לאָזן אויסמישן צווישן די פֿעלקער — אַסימילירן“, א. ל. זײַד— מאַן, וואָס דאַרפֿן מיר, באַרדיטשעוו l898.

— ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)

אורח פֿאַרטײַטשט 'עתרי, (צפֿניה, ג, 10): ,,□נע א,, אָנבעטער“ [תּי: ,,מײַנע בעטער,,]. ־ערײַ.

איינבעטן ll — טרוו. בעט אײַן, □געבעט.

-

1. צונויפֿלייגן אין אַ סדר דאָס בעטגעוואָנט. אויפֿשטיין, א, דאָס בעט און גיין צו דער אַרבעט. 2. דזוו אויסבעטן 153 ← ,II. א, צווישן קישנס. 3. אַרײַנלייגן עפּעס צ□וישן בעטגעוואַנט פֿאַרשטעקן פֿאַרמאַטקירן, מע

, ,

זאָל עס ניט זען פֿאַר די אויגן. ,,מע זיכט קאָנעטשנע דעם דבי אַליין. האָט אים געמוזט אַ פֿרומע ייִדענע אין אַ בעט מיט בעטגע□אַנט

א',,, [חיים מאַלאַגאַ], 'גדולת ר, וואָלף...',
[יפֿ]. 4. אײַנפּאַקן אין עפּעס וואָס איז ווייך.
א, דעם אתרוג אין וואַטע. א, קרישטאָל. מיט
ז י ך פֿאַר זיך.
--
איינבעל־הבתעווען — [... באַלעבאַטעווען]
-
טרוו. ־תּעווע איַן, ~געבעל־הבתעוועט. 1.
מאַכן אַ סדר אין דער הויז פֿירונג, געשעפֿט אע.
א, די נײַע סאַרם. אויך איר. א אַזוי, אַז מע
-
,
זאָל אין אַ יאָר אַרום נעמען אַ טאָרבע און
גיין איבער די הײַזער. 2. אײַנשאַפֿן,
אײַנהאַנדלען אַ בעל־הבתישקייט. א, טײַערע מעבל.
מיט ז י ך - 1. ← אײַנבאַלעבאַטעווען זיך,
1092. 2. אײַנפֿאָרען זיך. פֿאַרטיק ווערן מיט
דער אַרבעט. א, זיך און זיך זעצן אָפּרוען.
3. אײַנבירגערן זיך. ווערן אַ בעל־הבית, אַ
תּושבֿ אין אַ געוויסן אָרט. א, זיך און ווערן
איינער פֿון די שבֿעה טובֿי־העיר.
אײַנבעל־מלאָכה(ווע)ן זיך — [..
באַלמעלאָכען] אוטוו. איצ, אימפּ נב; זיך ..,(ע)־
בעל־מלאָכהט. זיך צוגעוואוינען, זיך אײַנ יטן

אין אַ מלאָכה. „ביז אַ געזעל ווערט טאַקע אַ מײַסטער דאַרף ער זיך א, כּדין וכדת".

אײַנבעלעמעטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~געבעלעמעטשעט. אײַנפֿלוידערן.

אײַנשטאַמלען. א, עפּעס אויפֿן אויער, אַז מע ‎אָל ניט פֿאַרשטיין קיין איין וואָרט.

איינבענדלדיק — אַדי. וואָס אויף דעם איז דאָ (וואָס האָט) נאָר איין בענדל (געוויינלעך ווי אָן אָפּצייכן פֿון דעם נידעריקסטן מיליטערישן ראַנג). דער א'ער זעלנער מיט דער שמאָלער טאַשמע אויפֿן אַרבל. אָפּט סוב — ־ער.

אײַנבענטשן — טרוו. בענטש אײַן, ~ געבענטשט. געבן אַ צאָל ברכות, בענטשן אַ

אײַנבענקען זיך

סך. א, די שכנים מיט כּל־טובֿ. „דער אַלטיטשקער בענטשט מיך אײַן מיט פּרנסה, מיט אַ סך יאָרן, מיט גוטע קינדער — און ער ווינטשעוועט ‎און ווינטשעוועט„. אויו סאַרקאַסטיש — אײַנשלאָגן, אײַנמזיקן. א, עמעצן מיט אַ שטעקן איבער די ביינער. —ונג. ־עניש.

איינבענקען זיך — אוטוו. בענק זיך אײַן,

-

זיך ~געבּענקט. ווערן דורכגעדרונגען מיט
בּענקשאַפֿט. א, זיך נאָך דער אַלטער היים,
נאָך אַ היימישן מאכל.
איינבּעסערן — טרוו ־ער איַין, ~
געבּע—
.
סערט. 1. דערפֿירן דאָס גוטע, דאָס
פּאָזיטיווע צו אַ העכערער מדרגה. א, דעם אופֿן
לערנען. א, דעם אייגענעם כאַראַקטער. 2.
פֿאַרריכטן, מאַכן תּיקונים. א, אַ טעקסט. א, די
טעכניק פֿון אַ פֿאַבריק. א, די סיסטעם אין
אַ בּיוראָ. א, די בּאַציאונגען צווישן צוויי
שכנישע לענדער. מיט ז י ך. ־ונג.
איינבּעקען — טרוו. ־קע איַין, ~געבּעקעט.
-

אומקלאָר, שטיל, מיט קלאַנגען ענלעכע צו
בּע־בּע עפּעס אַרויסזאָגן. איַינבּעלעמעטשען. א,
אַ קינדערשן סוד דעם טאַטן אין אויער אַריַין.
פֿרגל איַינבּעבּען ־עניש.

.

איינבּערשטלען — טרוו. ־שטל איַין, ~
גע־־
בּערשטלט. איַינפּוצן, איַינרייניקן מיט אַ
בּערשטל. א, די קליידער. א, די האָר, די בּאָרד און

וואָנצעס. אויך מיט ז י ך ־עניש.

.

איינבערשטן — טרוו. בערשט אײַן, ~ גע־־

בערשט. . דפֿוו אויסבערשטן, 156.

 עניש.

איינבקיצורן — [... בעקיצערן] טרוו בקיצור

אײַן, ~בקיצורט. . אויסקיצורן, 156.

איינבקשה(נע)ן — [... באַקאָשען] טרוו.

־־

בקשה אײַן, ~געבקשהט. דזוו אײַנבעטן I.

ועלן עפּעס מיט שטאַרק בעטן. געוויינלעך

מיט ז י ך. זיך א', מע זאָל אַראָנעמען די שטראָף.

איינבראָדזשע(נע)ן, ~בראָדז(י)ע(נע)ן

־

— ־דזשע (־דזיע, ־דזע) אײַן, ~געבראָדז(י, ש)עט. אוטוו — 1. אַרײַנקומען, אַרײַנקריכן אין אַ בלאָטע. א, אין אַ זומפּ ביז צו די קני.

2. אַ לענגערע צײַט בראָדזשען. א, אין די אָסיענדיקע בלאָטעס. טרוו — 1. אײַנברודיקן בראָדזשענדיק. א, די הויזן ביז איבער די

קני. 2. אײַנבויטען. אײַנקאַלויצען. א, די
ריטשקע, מאַכן מוטנע דאָס וואַסער.
איינבראַזגע(נע)ן — טרוו. ־גע אײַן, ~

געבראַזגעט. אויך: ~בריאַזגען. 1.
אײַנברעכן מיט אַ בראַזג. א, די שויבן פֿון די געשעפֿטן.
אויך: א, די זײַטן, די ביינער. 2. אײַנקלאַפּן,
אײַנשלאָגן מיט אַ בראַזג. א, אַ טשוואָק אין
וואַנט. 3 פֿיג. אײַנפּרעסן, אײַנזויפּן אע. א,
.
אַ גלאָז בראַנפֿן און זיך ניט פֿאַרקרימען אַפֿילו.
4. אוטוו. קלאַפּן מיט אַ בראַזגערײַ. א, אין
די טאַצן און אויפֿוועקן די שכנים.
אײַנבראָטן — טרוו. בראָט אײַן, י.,
געבראָטן. 1. דזוו אויסבראָטן ←, 156. 2.
צובראָטן נאַר אַ ביסל, ניט אינגאַנצן דורכבראָטן.

1()9

א, פֿלייש, עס זאָל אינעווייניק בלײַבן
האַלבּרוי. ~בראָט דער. אַ געשמאַקער א'.
־ונג. ־עכץ. —עניש.
אײַנבראָך — דער, ־ן. אויך: ~ברוך, נר

1. אַקט פֿון אײַנבּרעכן. דאָס בּאַזײַטיקן מיט כּוח אַ ארצוימונג. דער א, פֿון דעם שלאָס.
-

2. גניבֿה, אַקט פֿון רויבֿ, מיט אַן אײַנבּרעכן. מאַכן בּײַנאַכט אַן א, אין אַ יוּוועליר־געשעפֿט. „געוועז אַן א, בּײַ אונדז אין הויז און מע האָט אַלץ אַרויסגעטראָגן„..

3. דורכגעבּראָכענע עפֿענונג, לאָך. אַן א'. אין אײַז צו שעפּן וואַסער. אַרײַנקריכן אין הויף דורכן א, אין פֿלויט. זיך אַרײַנרײַסן אין פֿעסטונג דורך אַן א, אין אַ וואַנט. 4. טײַלוויז צעבּראָכנקייט. שפּאַלט, פּלאַץ. אַן אָפּגעקראַצטע וואַנט מיט אַן א, פֿון אַלטקייט. אַ וואַזע מיט אַן א'.

5. מום. צעשעדיקונג פֿון קערפּער. (פּלוצעמדיקער) ריס אין געזונט. נערוועזער א'. „ קרימינעלע מיט גענוג אומנאָרמאַלע קערפּערלעכע פֿאַרדרייעניש פֿיזישע א'ן", הל. 6. דאָס
-
,
אײַנבּרעכן זיך (מיט אָפּגעשוואַכטקייט, מידקייט, הכנעהדיקייט). "געזאַנג... און א, פֿון ווײַסע צוויי הענט„, הל, בּלאַט... עפּלבּוים. "דו זאָלסט צופֿאַלן... מיט א, אין די קני, אָבער מיט אַ התרוממות אין האַרץ„, לע, טמז,

.II 1953)(5

7. ריס. איבּערריַס. גיכע (מיטאַמאָליקע)

אַרערגערונג אין אַ מצבֿ. א, אין מסחר, אין די געשעפֿטן. א, אין באַציאונגען (אונטערהאַנדלונגען) צווישן צוויי שכנישע לענדער.

8. דאָס אויפֿקומען פֿון עפּעס נײַס מיט אַן איבּערריַס פֿון דעם פֿריִערדיקן. דער א, אויף טאָג. דער א, פֿון פֿרילינג.

9. גרויסער שינוי צום ערגערן. צרה, גזירה. ,,השם יתברך זאָל פֿאַרצאַמען די א'ן פֿון אַחינו בני־ישׂראל...“, ,פֿון אַ צוואָה', 1819 [ייִבל 5 ,XI;I-6].1O. שאַרפֿער בּייג, אויסקרימונג (פֿון אַ וועג פֿון אַ שטראָם פֿון אַ

בּרעג). ל2 זײַן פֿאָרזיכטיק ווײַל באַלד קומט אַן א, אין וועג. אַרײַנפֿאָרן מיט דער שיף אין א,, אין דער בּוכטע.

איינבּראַמען — טרוו בּראַם אײַן, ~ גע־־ בּראַמט. פּפֿ: ~בּראָמען. אײַנבּויען אַ בּראַס, אַ געוועלבּ. א, דעם טויער מיט אַן אָפּדאַך.

אײַנבּראָנ(ד)ז(יר)ן — טרוו. בּראָנ(ד)ז(יר) אײַן, ~געבּראָנ(ד)ז(יר)ט. באַדעקן אַ בּיסל

אָדער אינגאַנצן מיט בראָנדז־פּולווער. א, אַ
הענגלאָמפּ, לײַבטערס. ־ונג.
אײנבראַנדעווען — טרוו. ־דעווע אײַן,
--
~געבראַנדעוועט. אײַנברענען אַ סימן אויף
א האָרן פֿעל אע. א אַ פֿערד. א, די פּאַרטיע
—
, ,
אָקסן אײדער מע לאָזט זיך מיט זיי אין וועג
אַרײַן.
אײַנבראָנירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~
געבראָנירט.— סאָוו. נ oBa]] I6[o I:
(בעת דער
צווייטער וועלט־מלחמה) אויספֿועלן, קריגן בײַ
מיליטערישע אינסטאַנצן אַ צאָל דאָקומענטן
פֿאַר (הויך־)קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער (

אָנגעאײנבדוגזן
-

שטעלטע) און אינטעלעקטועלע אַרבעטער, מע
זאָל זיי ניט נעמען (רופֿן) אין דער אַרמיי.
א, די שרײַבער, אַקטיאָרז. א, די מעכאַניקער
פֿון זאַוואָד.
אײַנבראָנעווען — טרוו. ־נעווע אײַן, ~

געבראָנעוועט   פֿאַרבראָנעווען. צעקרישלען דעם
.
אויפֿגעאַקערטן באָדן מיט אַ ב(אָ)ראָנע. א, דאָס
אויפֿגעאַקערטע פֿעלד.
אײַנבראַקירן — טרוו. ־קיר אײַן, ~
געבראַקירט. אויך: ..,בראַקעווען. דזוו
אויסבראַקירן (←, 156). א אַלע צוגעשיקטע
,

סחורות און זיי אָפּשיקן צוריק א, בײַם
פּריזיוו. ־ונג. ־עניש.
איינבראָקן — טרוו. בראָק אײַן, ~געבראָקט.
-
1. וועגן עסנוואַרג — צעשנײַדן,
צעקרישלען אויף קליינע שטיקלעך און אַרײַנטאָן,
אַרײַנשיטן אין עפּעס. א, רעטעכלעך און גרינע
ציבעלע אין סמעטענע, באָרשט אע. א, מצה
אין מילך, יויך אע א, חלה אין פֿישיויך.
,,... בראָקטש אײַן אין איין מילך אודר אין
מילכיגס,,, בראַנט, פּרק יז. ,,כּל־זמן די יויך
בריט... טאָר מען ניט [אום שב] א, קיין מצה
אָדער חלה, ס'הייסט ,מבֿשל',,, ששי I, פּב. *א, אַ
קאַשע = א) דזוו פֿאַרקאָכן אַ קאַשע; ב)

צונויפֿמישן אַלץ אין איין קאַשע. „ווער עס
בּראָקט איַין די קאַשע זאָל זי (אויפֿ)עסן„, שוו.
2. צעשנײַדן, צעהאַקן אויף דינע פֿענעצלעך,
שטיקלעך. דזוו אויסבּראָקן. א, לאָקשן, לאָזן
אַ ביסל טריקענען און דערנאָך קאָכן. „ווי מע
בּראָקט איַין די פֿאַרפֿל (פֿערפֿל), אַזוי עסט
מען זיי (אויף)„, שוו. אויך: א, פֿאַר די הינער
זייער עסן. „שבּת שירה פֿלעגן מיר א, בּרויט
פֿאַר די פֿייגעלעך„.
3. אַרײַנגעבּן, אַרײַנלייגן עפּעס אין עפּעס.
א, נאָך געלט אין אַ קראַנק געשעפֿט. „
אַרײַנגעבּראָקט אין פֿאַבּריקל דעם נדן מיט דער
ירושה און אַרויס נקי, אָן אַ העמד“. (בּײַ
קאָרטנשפּיל) א, וואָס מע האָט פֿריִער געוואונען אין
סאַמע לעצטן קאָן. 4. אַרײַנמישן,
אַרײַנבּרענגען. צונויפֿמישן. א, ליגנס. א,
גלײַכווערטלעך אין שמועס. „... בּראָקט אײַן
אחדהעמען מיט בּערדיטשעווסקין ווי צוויי שוואָמען
אין איין בּאָרשט“, פּרץ, געדאַנקען... „פֿאַרטיף
מיך אין אַ וועלט־קשיא, שפּאַן צוזאַמען אַ

שווערן תּוספֿות מיט אַ האַרבּן רמבּם, בּראָק אײַן

אַ ,פּני־יהושע, און מיש אויס מיטן ,תּומים',,,
פּרץ, דערציילונגען... מיט ז י ך — ,,זיך
אײַנגעבראָקט האָט ער ווי אַ בּערקוט,,, פּמ,
מלחמה II. ־עניש.
אײַנבּראָקעכץ — דאָס, ־ן (־ער). דאָס וואָס
י

מע בּראָקט אײַן. א, אין בּאָרשט, אין שטשאַוו.
א, פֿון גרינסן אין זופּ. א, פֿון מצה אין הייסער
מילך. ,,פּסח האָט מען זיך אין די חסידישע
היימען געהיט פֿאַר מצה־א'".
איינבּראָש(ור)ירן — סרוו. ־ש(ור)יר אײַן,
-
~בּראָש(ור)ירט. אײַנבּינדן אין בּראָשור־
פֿאָרעם. א אַ פֿאָרטראָג, צירקולאַר ־ונג.
, .

.
איינבּרוגזן — [... בּ(אַ)רוי'געזן] טרוו. בּרוגז
-
אײַן, ~געבּרוגזט. דערפֿירן צו אַ בּרוגז,

פֿרײַנדשאַפֿט. אַרײַנבּרענגען אין אַ שטאַרקן
בּרוגז. א, צוויי חבֿרים, אַ פּאָרפֿאָלק. מיט ז י ך
— א, זיך צוליבֿ אַ קלייניקייט. א, זיך אָן אַ
פֿאַרוואָס.

איינבּרודיקן — טרוו ־דיק אײַן, ~
געבּרו— .
דיקט. אײַנשמוצן, אײַנפּאַטשקען. א, די וועש,
די הענט, דעם דיל, דאָס פּנים. פֿיג. א, יענעמס
רעפּוטאַציע. אָפֿט מיט ז י ך — פּאָרען זיך
אַרום די טעפּ און א, זיך.

אײַנבּרוטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ,,.
געבּרוטשעט. 1. דזוו אײַנבּורטשען ←, 1094.
2. דזוו אײַנמרוטשען ←.

איינבּרויזן — טרוו. בּרויז אײַן, ~געבּרויזט.
--

1. דערפֿירן צום מצבֿ פֿון בּרויזן. א, קאַלט
וואַסער מיט אַ ביסל סאָדע. ״אָט קומט אַ ווינט
און בּרויזט אײַן דאָס טײַכעלע״. 2.
אײַנשאָקלען עס זאָל בּרויזן, עס זאָלן אויפֿקומען
בּלעזלעך. א, זעלצער. 3. פֿיג. אונטערהעצן,
אויפֿהעצן. א, די געמיטער. א, ביידע צדדים.

בּרויז — דער. אויסטרינקען דעם א, פֿון

זעלצער מיט זאַפּט. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
איינבּרויכן — טרוו. בּרויך איַן, ~געבּרויכט.
-

איַנניצן פֿאַרניצן. א אַ סך האָלץ דעם
ווין, ,
טער. ~בּרויך — דער. דער א, פֿון
מאַטעריאַלן פֿאַר דער בּויאונג ־ונג.
.
איַנבּרוינען — טרוו. בּרוין איַן, ~געבּרוינט.
פּ : ..,,בּריינען. 1. איַנשמירן אָדער

איַנ
--
פֿאַרבּן אין (מיט) בּרוין. פֿאַרבּן די טירן מיט
בּרוין און א, די הענט. 2. בּאַקן, קאָכן אע
אַז דאָס געבּעקס אָדער דער מאכל זאָל
בּאַקומען אַ בּרוינעם קאָליר. א, די קאַרטאָפֿל. א,
קאַשע. 3. מאַכן בּרוין. ,,די תּמוזדיקע זון
וועט אונדז א',,. מיט ז י ך — ליגן אויפֿן
זאַמד און זיך א'. ~בּרוין — דער. קריגן
אַ שיינעם א, ־ונג. ־עכן.
.
איינבּרויען — טרוו. בּרוי(ע) איַן, ~

געבּרוי(ע)ט. 1. דזוו אײַנבּרײַען. 2. אײַנהעצן.
א, דעם המון אַז מע זאָל זיך אָנהייבּן
בּונטעווען. מיט ז י ך — אויפֿרעגן זיך, אויפֿקאָכן
זיך. א, זיך און זיך וואַרפֿן שלאָגן ־עכ□ן.

.

־עניש.
איינבּרוך — דער, ־ן. דזוו אײַנבּראָך ←.
--
דרייזין ״אַן א, און אַן אײַנשטאָך אין דײַנע
בּיינער״, ע ב. [עוזר בּלאָשטיין], וויכנא
דוואָשע, ווילנע 1893. ,,דאָס איז געווען דער
ערשטער א, אין [איר] אומענדלעכער
איבּערגעגעבּנקייט,,, ווײַס II, ,דער איבּערגאַנג'. ,,דער א,
פֿון די פּרײַסן״, לעאָן קאָבּרין
איינבּרומבּלען — טרוו. ־בּל אײַן, ~

געבּרומבּלט. [פֿקפֿ פֿון דווו ←]. שטיל אײַנבּרומען.
א אַ ניגון. אויך: אײַנשטילן דורך בּרומבּלען.
,

א, דאָס קינד אין וויג.
אײַנבּרומען — טרוו. בּרום אײַן, □י.,געבּרומט.
1. איינשרײַען מיט בּרומעדיקע קלאַנגען. דער

ווינט בּרומט אײַן זײַן קלאָג אין קוימען אַרײַן. די חיות בּרומען אײַן אין וואַלד. 2. זאָגן עפּעס בּרומענדיק. א, אַ סוד אין אויער. 3.

אײַנ()()11

זינגען (אינטים, מיט אָדער אָן ווערטער). א, אַ ניגון ־עניש. ־ערײַ.

.

אײַנבּרוסטן — טרוו. בּרוסט אײַן, ~ געבּרוסט. (שנײַדערײַ) אײַנשמעלן די בּרוסט. היפּוך פֿון אויסבּרוסטן ←, 157.

אייַנבּרוקירן — טרוו. ־קיר אײַן, ~(גע)

בּרוקירט. 1. בּאָדעקן מיט שטיינער, מיט אַספֿאַלט אע. א, די גאַסן און די געסלעך. א, דעם שטראָז. 2. אײַנמויערן. א, שטיינער אין די לעכער פֿון דער וואַנט. 3. אײַנפּעסטיקן, פֿאַרפּעסטיקן. א, די וואַלוטע מיט נאָך גאָלד. ~בּרוקירט — אַדי. א'ע גאַסן. א'ע שטיינער. ־ערהייט. ־ונג.

אײַנבּרוקען — טרוו. ־קע אײַן, ~געבּרוקעט.

,

1. אַרײַנזאָגן עפּעס אויף אַ בּרוגזדיקן אָדער

אויף אַן אומפֿאַרשטענדלעכן אופֿן. א, עפּעס, מע זאָל בלײַבן ניט פֿליישיק ניט מילכיק.
2. זאָגן אָדער זינגען מיט קלאַנגען, ענלעכע צום ברוקען (מרוקען) פֿון טויבן.
איינברידערן — טרוו ־ער אײַן, ~ געברי־ .
דערט. שאַפֿן אַ באַציאונג ווי צווישן ברידער, אַ זייער נאָענטע פֿרײַנדשאַפֿט. א, ווילד־פֿרעמדע מענטשן, זיי זאָלן איינער פֿאַרן אַנדערן די נשמה אַוועקגעבן. מיט ז י ך — א, זיך מיט אַ נעכטיקן שׂונא ־ונג. [ווען עס רעדט זיך .
ווע ◌.) ◌ייִן מענטשן אין לד: ~ברדדערן (זי .
אײַנבריהן [... בעריען] טרוו. בריה אײַן, ~געבריהט. מאַכן אַז עמעצער זאָל ווערן אַ בריה, זאָל זיך אויסטויגן צו עפּעס. אונטערגעבן מוט און א, די קינדער בײַ אַ פֿאַרמעסט. געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך און נעמען שלעפּן די שווערע משׂא. א, זיך און טאָן פֿאָר דרײַען. ״... האָט זיך אײַנגעבריהט אויף שלעפּן אַ שווערן וואָגן לײַדנשאַפֿט״, ב ריווקין, גרונט־טענדענצן...
איינבריזגען — טרוו. ־גע אײַן, ~

געבריז־.
געט. 1. אײַנשפּריצן. נאַס מאַכן מיט
טראָפּנס וואַסער אע א, די לײַלעכער אַרן פּרעסן.
-
א, דעם מלבוש מיט אָדעקאָלאָן. 2.
אײַנשמוציקן מיט אַן אומריינער פֿליסיקייט אָדער
מיט עפּעס וואָס איז ווייך. א, די הויזן מיט
השתּנה. א, די בגדים מיט בלאָטע.
איינבריינען— טרוו. ברײַן אײַן, ~געברײַנט.
--
פּד. דזוו אײַנברוינען .. ספּעצ פּד, א,
הײַדלעך = ברוין מאַכן אויף אַ פֿאַטעלניע
מאַנעקאַשע און דערנאָך קאָכן צוזאַמען מיט
קאַרטאָפֿל־זופּ (און געטריקנטע שוואָמען) —עכן.
.
אײַנברײַען — טרוו ברײַ(ע) אײַן, ~
געברײַ(ע)ט. 1. אײַנקאָכן, אײַנזידן מיט האָפּן.
א, ביר, מעד. 2. אויך סתּם אײַנקאָכן,
אײַנזידן. א, אַ געקעכטס, מע זאָל אין מויל ניט
קענען נעמען. 3. לאַנג רעדן כּדי צו געווינען
עמעצן אויף דעם אייגענעס צד. אײַנטענהן,
זיך באַמיִען דערוויַזן. א, מיט עמעצן און
דערשלאָגן זיך צו אַ טאָלק. א, די מעשׂה מיט

אַלע קליפֿערלעך. א, ליגנס ־עכץ. ענישׁ.

.

איינבּריסקען — ← אײַנבּריזגען.

--

אײַנבּרעכן

אײַנבּרען — טרוו. בּרי אײַן, ~געבּריט (אויך: י.,געבּריִעט). 1. אײַנקאָכן, אײַנזידן. אײַנפּארען פֿאַרבּריִען. א, מילך. א, טיי. א, — .
די קעלבּערנע פֿיסלעך און מאַכן פּעטשאַ.
2. מאַכן עס זאָל זײַן הייס, זודיק, מיט דער טעמפּעראַטור פֿון קאָכן. א, שטיינער און כּשרן מיט זיי. א, כּלים בּײַם כּשרן אויף פּסח. ,,ליגט ניט מער אויף דער זון, די זון קען אײַך א'". 3. אײַנבּרענען. א, די פֿיס מיט קראָפּעווע. 4. אָנהייבּן אויסוואַרעמען (און ניט פֿאַרענדיקן אויסבּריִען). ,,וואָס איז די פּעולה פֿון א, אייער, אויבּ די הון בּריט זיי ניט אויס?". ~בּרי — דער. —אונג.

אײַנבּריקע(נע)ן, ~בּריקעוען — טרוו.

י

־קע(ווע) אײַן, ~געבריקע(ווע)ט. 1.
אײַנקאָפּען מיט די פּיס. אומוואַלגערן עמעצן און אים
א', מאַכן פֿון אים אַ מאָטשעלקע. 2.
אַרײַנשטויסן, אַרײַנשטופּן (מיט בריקען). א, אַן
אַרעסטאַנט אין תּפֿיסה־קאַמער.
איינברעך — דער, ־ן. דזוו אײַנבראָך, ספּעצ
-
בב 1—2.
אײַנברעכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנברעכן. ,,דא הבן די יהווים
זיך גאײַלט אום צו בויאן די אין ברעכונג פֿון
דז (היכל)“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. ,,אַז אַ גנבֿ
וועט געכאַפּט ווערן בײַ אַן א, ['במח▯רת'],,,
תּי, שמות, כב, 1.
איינברעכיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
-
אײַנברעכן. א'ער מאַטעריאַל. א'ע פֿעסטונג. א'ע
עקשנות. —יקייט. [~ברעכבאַר, נר].
איינברעכן — טרוו. ברעך אײַן, ~געבראָכן.
-
1. ברעכן טיילווײַז. אָנברעכן, אָבער ניט
דורכברעכן. מאַכן אַ שפּאַלט. א, אַ טאָפּ, מאַכן
אין אים אַ שטשערבֿ פֿון אויבן. א אַ צווײַג
,

אויף אַ בּוים, די צווײַג זאָל בּלײַבּן הענגען בּיז זי וועט אײַנדאַרן. א, אַ יונג בּיימל. א, דאָס בּרייטל, די מצה.

2. דזוו וועגן אַ גליד פֿון קערפּער. מאַכן א וואונד, אַ מום. א אַ פֿוס, אַ פֿליגל, אַ האָרן.

,

״אים געטראָפֿן גלײַך אין שטערן, אים דעם שאַרבּן אײַנגעבּראָכן״, יהואָש, הײַאַװאַטאַ.

3. אײַנוואַרפֿן. חרובֿ מאַכן, רואינירן, צעשטערן. מיט גרויס אָנשטרענגונג צעבּרעכן בּיזן סוף. א, אַ הויז, אַ וואַנט. א, אַ פֿעסטונג.

ע)בּ פֿאַרטײַטשט ,מותר, — ״ער בּרעכט אײַן״.

״מיר האָבּן איין שול, א ז נאהנט צו הויז תּיפֿלת הנוצרים... און, איצט גיבּיט דער שופֿט דז מיר זאָלן אײַן בּרעכן די שול״, שי, אַמשט 1700. ,,אײַן בּרעכין בּניינום און, ווידר בּויאן,,, נצ1, בּ/ג. ,,און, מיר יהודים האבּן אַך זעלבּשׂט מוזן העלפֿין אונזר שטאַט מויאר אין בּרעכין און, שטערצין״, איין נײַא קלאָג ליד פֿון חורבּן ק״ק וורמיישא, אמשט 1723 [פֿש,

III]. ,,און, ער בּויאיט די מויארין פֿון
ירושלים, די פֿומפּיוס איַין גבּראָכין הט,,, יוסיפֿון,
פֿיורדא 1764. ,,בּרעכט איַין די מויערן פֿון
אומבּאַזיגונג‘‘, י. בּאָוושאָווער, גקל. אויך פֿיג
‘‘בּרעך איַין דשׂ הויז פֿון דיזער וועלט‘‘,
ר, זא בּר, יוסף, דרישת הזאבֿ, בּערלין 1740.

איַינבּרעכן

,,גאָט בּ‘‘ה... קען מיר דאָך מיַין געלט און,
גוט ווידר איַין בּרעכן‘‘, בּע, ח/ב. *א, דעם אוי
וון = דזוו איַינוואַרפֿן דעם אויוון (→ 138),
אויסדרוק וועגן אַ זעלטענעם אָדער אַ ליבּן
גאַסט. ,,גוט שבּת, גוט יאָר,... זעצט זיו
אַנידער. מע דאַרף א, דעם אויוון, איר זענט
דאָך בּיַי מיר אַ גאַסט‘‘, ייִפֿאָל, 18 l884, No.
4. עפֿענען מיט כּוח, איבּערגוואַלד.
אויסהאַקן אַ דורכגאַנג. א, די טיר. א אַ פֿענצטער.
,

-

א, די קאַסע. דערפֿון אויך: בּאַגנבֿענען. ‘‘אַ

גנבֿ קען דאָ א, און אַרויסטראָגן אַלץ פֿון
שטובֿ“, רייד (מג). „איין גנבֿ ווען מן אין העט
געהאַרגט דא ער אײַן בּרעכט„, מחזור שלש
רגלים, אַמשט 1713, רלא/ב. „ער האָט מורא,
גנבֿים אַדיר זונשׂט אַנדרי בּיזה לײַט מעכטין
אים אײַן בּרעכן„, אַריה ליבֿ בּר, יהודה זעליגמן,
תּקוני המועדים פֿיורדא 1729. „ניט געפֿונען

,

קיין שום צייכן, אַז מע זאָל עפּעס האָבּן
אײַנגעבּראָכן אין דעם רבֿס דירה„, ייִפֿאָל, 1884,
No 1. „גזלנים מיט העק אין די הענט בּרעכן
אײַן די ווענט“, פּרץ, לידער און פּאָעמען.
5. צוימען, בּאַהערשן בּײַם שטובּיקן
טרענירן. א, אַ פֿערד צו גיין אין שפּאַן. אַזוי אויך:
א אַ צעלאָזענעם יונג. „שטאַמען פֿון דער

,

צײַט, ווען דער מענטש... איז נאָך ניט
דערגאַנגען צום א, ווילדע חיות„, בּצג, טמז,
4 1964 I. *א אַ פֿרוי = אײַנרעדן, מפֿתּה זײַן

,

זי זאָל זיך אונטערגעבּן. „דווקא אַזאַ האָבּן
מע ער אָפּט ליבּ אײַנצובּרעכן“, ל פֿאָרעס,

.

□אָר, 5 1959 □I.

6. צוגעוואוינען צו אַ שווערער אַרבעט. איַינלערנען אַ קאָמפּליצירטע זאַך. א, די לערנייִנגלעך. א, עמעצן צו אַרבעטן בײַ דער נײַער מאַשין. *א, דעם אויער = צוגעוואוינען צו (דער)הערן, זיך צוצוהערן. >רשי, שמות, יט, 18: לשבּר את האוזן.

7. דורכבּרעכן עמעצנס ווידערשטאַנד. מנצח זײַן דורך גײַסטיקן אָדער פֿיזישן דרוק. א, דעם פֿאַלשן עדות. א, ד אַנוסים אין די קעלערן פֿון

-                ,

אינקוויזיציע.

8. גובֿר זײַן, אײַנצוימען אַ שטריך, אַן אייגנשאַפֿט, אַ חסרון אין זיך אָדער אַנדערע. משנה זײַן אויף אַ ראַדיקאַלן אופֿן (ועגן כאַראַקטער, אויפֿפֿירונג אע). א, די תּאווה צו געלט, צו קליידער. א, די געוואוינהייט צו רייכערן. א, יענעמס עקשנות. ,,ער דאַרף אים געמען אין די הענט אַרײַן און א, אין אים די עקשנות,, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען

-

,

מיר, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932. ,,[די פֿאַרשטענדיקע]
איבּירגי פֿר בּרענגליכי נוצן טואהן זיא אײַן
בּרעכין,,, א. פֿאַוויר איבּז, בּחינות עול▯,
זשאָלקעוו תּקס"ה.
9. מאַכן עמעצן ווייכער, מיט מער אײַנזען
און רחמנות. ,,אירע טרערן האָבּן אים
אײַנגעבּראָכן,,. ,,ער זאָל דערזען [איר] ליכטיקן
פּנים'... ער זאָל הערן איר זיסע שטימע,
וואָלט דאָס אים אײַנגעבּראָכן,,, ג י ראַוויטש,
רי▯ משפּחה..., ווילנע 1865. ,,זי האָט אים
געצאַמט און אײַנגעבּראָכן, אַזוי ווי מע בּרעכט
אײַן [בּ▯) אָ ווילד פֿערד,,, ס. נאָרדאָן, ▯אָר,

11()1

9 1963 II. *א, דאָס האַרץ = א) אַרויסרופֿן
רחמנות, מיטגעפֿיל, מיטלײַד. ,,מײַן האַרץ
האָט זיך נישט געלאָזט א', מײַנע אויגן זענען
געבּליבּן טרוקן,,, ש. בּיקל, טמז, 6)▯1964 I;
בּ) געווינען עמעצנס ליבּע. אַ בּריה אײַנצובּרעכן
מיידלשע הערצער.
1O. אײַנהאַלטן. אָפּשטעלן. בּאַזיגן. א, דעם
פֿאָרויסמאַרש פֿון די פֿײַנדלעבע חיילות. א,

די פֿאַרטיידיקונג, דעם ווידערשטאַנד.

11. מאַכן באַקוועמער (ס'איז אַזוי ווי באַהערשן). א, אַ פּאָר נײַע שיך. 12. מאַכן אַ פֿאַל קנייטש. א, דעם דאַשיק פּאָ־קאָזאַצקי. א, די פּאַפּאַכע, מעשׂה יוון.

13. (דרוקערײַ) אויסשטעלן דעם זאַץ אין זײַטן, שפּאַלטן. אויסקאָרעגירן דעם זאַץ און א'. א, די עמודים, דזוו אויסבּרעכן II, בּ4. וויאָרסטעווען.

14. פֿיג גובֿר זײַן גײַסטיק. בּאַנעמען. א, די האַרבּע סוגיא. א, דעם אונטערשייד צווישן די ביידע פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען.

אײַנבּרעכן — אוטוו. ← דפֿוו. 1. מאַכן אַן אײַנבּראָך, בּ2. גנבֿענען, רויבּן. „י״ב הײַדוקין האָבּן אײַן גיבּראכן בּײַא הירש ר, עקיבֿה אין גוועלבּ“, פּבּ, 1588 [הש II]. „איין רשע דער דא היימליך אײַן בּרעכט אונ, טוט גניבֿות„, מחזור ר״ה ויו״כ, הומבּורג l721, כו/ב. „בּרעבן זי בּײַא גוים אײַן, מוז מן זיא אופֿט פֿון דער תּליה מציל זײַן„, אַשכּנז.

2. מאַכן אַ פּלוצעמדיקן איבּערפֿאַל. גיך, פּלוצעם אַרײַנקומען ערגעץ אויף כּוח. „די פּאָליציי פֿלעגט אַמאָל א, צו זיי אין צימער„, אַר. א, אין הויז אַרויסצוראַטעווען עמעצן בּעת

אַ שׂריפֿה.

3. אָנהייבן אײַנפֿאַלן, צעבראָכן ווערן. ‟דיא ווײַביר אויבן אין דער שול האבין גימיינט דאז גנצי גיוועלב ווערט אײַן ברעכין אונ, אויף אינין פֿאַלין‟, גה, 325.

4. אָנהייבן זיך, אָנהייבן ווירקן. דזוו אויסברעכן I, ב2, □.157□158. אַרכ. ,,דען זיא גדאַכטן... דשׂ דיא גזירה ווערט ווײַטר אײַן ברעכן...‟, שאַר.

5. דריטפֿערזאָניק אויפֿקומען אין צײַט, אַזוי ווי אומגעריכט. עס ברעכט אײַן אויף טאָג = עס הייבט אָן צו טאָגן. ‟ווי דער טאָג ברעכט אײַן, וועט מען שוין אים פֿינדן‟, א פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזע□אָוו תּקצ,,ח.

איינברעכן זיך — אוטוו. ברעך זיך אײַן, זיך □-

□,,געבראָכן. ←. אײַנברעכן, טרוו, אײַנברעכן, אוטוו. א, זיך אַ י ן אַ הויז. א, זיך פ ו ן צרות, דאגות אע א, זיך צ ו... = זיך צופֿאַסן. א, זיך צו די ערגסטע באַדינגונגען. די כּוחות ברעכן זיך אײַן. ‟ווען אַ באַלקן הייבט זיך [אָן] אײַנצוברעכן אום שבת, מאָג מען אים אונטערשפּאַרן מיט אַ באַנק, ער זאָל

זיך ניט ווײַטער א',,, לט2, סה/א   פֿון אַ
. ,,
גרויסן ווינט קאָן ער זיך א',,, ג ח לעוונער,
דער אמתער □ עטער, ווילנע 1897. "טירן
אויפֿגעריסן, אין שטיבער זיך אײַנגעבראָכן,,, בעריש
ווײַנשטיין, רײַשע ,,אויב מער און אַריבער
דער מאָס, האַלט מען ניט אויס. ברעכט מען

אײַנברענג

זיך אײַן און מע פֿאַלט אַנידער,,, נס, די משפּחה
מאַשבער II.
אײַנברעכעוודיק — אַדי. וואָס לאָזט זיך
(גרינג) אײַנברעכן. אײַנברעכיק. א'ע גלעזער.
אײַנברעכער — דער, ־ס. וונ נב. 1. ווער
עס ברעכט אײַן. רויבער. צעשטערער
פֿערד. ,,
גנבֿים, א, און קליינע גנבֿימלעך,,, ירמי, יוסף
יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
,,דיא היט פֿון דוד ריכט אויף אונ, דיא אײַן
ברעכר איר צוים פֿר ווישט", מחזור שלש
רגלים, אַמשט 1713. 2. ספּעצ. פּורק־עול,
פּורץ־גדר. ,,ס'האָבן זיך געמערט די א, אין
גדר וואָס די אָבֿות האָבן אויפֿגעשטעלט,,, חג,

טמד, 10 5)19( )I.

איינבּרעמזן — טרוו. בּרעמז איין, ~

געבּרעמזט. אויך: ~בּרעמזען. איינהאַלטן, איינהאַמעווען פֿאַרהאַמעווען, טאָרמאַזירן. א,

-

,

אַ וואָגן וואָס יאָגט זיך באַרג אַראָפּ. א, דעם

-

אויטאָ.

איינבּרעמען — טרוו. בּרעם איין, ..,

געבּרעמט. מאַכן אַ זוים אויף זאַכן פֿון לייוונט אע. א אַ ליילעך, אַ פֿירהאַנקע פֿאָרהאַנג.

,

איינבּרען — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער

פֿראָצעס פֿון איינבּרענען. מאַכן אַן א, מיט פֿעכיקע קינעלעך. אַן איילִיקער א'. 2. וואונד פֿון פֿייער. אַרויפֿטרעטן אויף אַ הייסער קויל און באַקומען אַן א'.

3. דערקען־צייכן, אויסגעבּרענט מיט צעגליטן אייזן אויף דער פֿעל, די הערנער, אָדער קאָפּעטעס פֿון אָקסן פֿערד אע. איינקויפֿן אָקסן

,

און מאַכן אויף יעדערן אַן א'. 4. שאַנדפֿלעק, שאַנדצייכן, קין־צייכן. אַרויסשטעלן דעם פֿאַררעטער צום שאַנדסלופּ, מאַכן אים אַן א,. אַן א, אויף דער ברוסט פֿון אַ נואפֿיצע.

5. פֿוטערקיכל, פּידפּאַלעק. יעדער מין געבעקס וואָס איז פֿון אויבן ברוין און אינעווייניק ניט אינגאַנצן דורכגעבאַקן. ברייטל, באָנדע, געבאַקן אויף קוילן. 6. געמיש פֿון אייל (פֿעטס) מיט מעל (אויך מיט אַנדערע צוגאָבן: מיט זאַלץ, צוקער אע), געפּרעגלט באַזונדער אויף אָ פּאַטעלניע און דערנאָך אַרײַנגעטאָן אין זופּ, אין צימעס אאַ שפּײַזן. אַן א, צו פֿאַרפֿראַווען אַ געקעכטס (זופּ). אַן א, אָנצושטאָפֿן אַ העלדזל, אַ קישקע אע. אַן א״ צו קאַשע. „אָן אַן א, האָט אַ פּאַסטערנאַק־צימעס קיין טעם ניט,. „ר, וועלוועלע האָט אויסגעטיילט [בײַם נאַכטמאָל] פֿאַר יעדן אורח אַ שיסעלע קאַרטאָפֿל מיט א',„ ם״ר ש״חי רמ״ל לעמבערג, יאָר? פֿון דער ירושלימער קולינאַריע: מע נעמט אַ

„

ביסל שירעס (אַן אײַנפֿאַכער סאָרט בוימל פֿון סעזאַם־קערלעך)..., מ'שטעלט עס אַוועק אויפֿן פֿײַער, און אַז עס ווערט הייס, נעמט מען אַ ביסל מעל, מע מישט עס צונויף און מע לאָזט

עס איַנבּרענען. אָט מיט דעם א, פּילט מען
אַשטייגער העלדזלעך אין טשאָלנט אדגל,,, קאָס,
'דיסערטאַציע ווענן א''י־ייִדיש'.
איַנבּרענג — דער, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון איַנבּרענגען. אָ גאַנץ נישקשהדיקער
א'.

אײַנבּרענג(עווד)יק

איינבּרענג(עווד)יק — אַדי. נעאָל. וואָס
-
בּרענגט איַן, וואָס גיט רווח. א'ע געשעפֿטן.
,,אָבער דאָס איז אַן איַנבּרענגעוודיקע הוצאה''.
־יקייט.
איַנבּרענגעכץ — דאָס, ־ן (־ער).
איַנבּרענג. רעזולטאַט, פּועל־יוצא פֿון איַנבּרענגען
(זיך). ,,ווערן יונגעלײַט בּאַקאַנט מיט יונגע
מיידלעך. און אַזויערנאָך קאָן מען זיך בּאַגיין
אָן שדכנים; אויך אַן א',,, פּרץ, 'פּורים־שפּילער'.
איינבּרענגען — טרוו בּרענג איַן, ◌ י־,
גע־־
בּראַכט, ◌,געבּרענגט. 1. אַרײַנטראָגן.
בּרענגען פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. א, האָלץ

ון שטאַל אין קיך אַרײַן. 2. אַרײַנפֿירן.
בּרענגען צו פֿירן. מכניס זײַן. א, עמעצן
איבּערגוואַלד. א, אורחים אויף שבּת.)בּ
פֿאַרטײַטשט 'מכניס, — "ער בּרענגט אײַן". ,,יהושע,
דער דא ווערט אײַן בּרענגן ישׂראל אים
לאַנד", טח, שמות, יז, 14, רשי. ,,... און,
זאָל זיא אײַן בּרענגן אין ירושלים טאָר, ווען
ען ווערט ווידר גיבּויט זײַן", ספֿר משלים,
פֿפֿדמ תמ"ז. ,,דשׂ דיא השׂ,,ס וואשׂ זײַנן נדפֿס
וואַרדין בּזולצבּאַך, מלבֿד דשׂ השׂ,,ס זײַן ע"פֿי
צוה המלכות יר"ה פֿרבּאָטין אײַן צו בּרענגין.....,
'כּרוז ר, יחזקאל לנדא,, פּראָג 1764 [י הײַל
פֿרין, ועד ארבּע אַרצות, ירושלים תש"ה].
"מכניס אורחים... ווען איינר אין היישׂט
אין זײַן הויז גין, דאשׂ היישׂט געשׂט אײַן
גבּראַכט,,, עפּש דרך הישך לעולם הבּא,
שקלאָוו 179, כח/א. ,,ער איז גאָר קיין ייִד
ניט... האָט ער געשריִען בּײַם א, אים אין
געטאָ", יtראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג.
3. מיטבּרענגען עפּעס וואָס מע האָט
אײַנגעזאַפּט אָדער וואָס ס'האָט זיך אָנגעקלעפּט אע.
א, מיט זיך גוטע עלד־ריחות. א, מיט די
שטיוול בּלאָטע פֿון דרויסן.

4. אַרײַנקריגן, אַרײַנבאַקומען. צוריקכאַפּן.
„זיי האָבן אין די קינדעריאָרן געהונגערט, ווילן זיי א, איצט די הנאה פֿון עסן“. ״איר הוט יוא גזייט... אונ, איר ברענגט ווינג
[= ווייניק] אײַן“, סהמ, חגי, א, 6. „גר בלד ועלן מיר די הרכצײַט מכן, אונ, טאָג אונ, נכט וויל איך אַן אים הענגן, וושׂ איך בֿור זוימט האָן וויל איך אײַן ברענגן“, בבֿא־בוך, 18.
5. אײַנשפּאָרן. (זיך באַמיִען צו) מאַכן קלענערע הוצאָות, וואָס ווייניקער אויסגעבן פֿאַר.
שפּאָרן. א, פֿונעם עסן, א, פֿון קליידער. א אַ
,

גראָשן און אָנווערן אַ הונדערטער (אַ מאַיאָנטיק). „אַ גוטע בעל־הביתטע ברענגט אײַן, אַ הולטײַקע ברענגט אויס“, שוו. „זייא אין שתּדלן דעם דוכּס יר״ה געלט אײַן צו ברענגן“, גה, 359. ״איינמאָל האָט זי געלט אײַנגעבראַכט. זי האָט איר קינדס ברית אינאיינעם מיט איר חתונה געמאַכט“, עט, לידער. „יענע מיני מע .. טשעלעך וואָס דרייען זיך תּמיד אַרום קהל, ווילן דער שטאָט רק א',„ ממוס, קליאַטשע. ״האָט זי דער שנור געגעבן פֿאַרשיידענע

עצות... מע זאָל קענען עפּעס א'‘‘, ווײַס I.
6. בּרענגען פּראָפֿיט. קריגן רווח(ים), האָבּן
הכנסה פֿאַרדינען. א, געלט. א אַ פֿאַרדינסט(ל).

א, (אַ גוטע) הכנסה. די קראַם בּרענגט אײַן

11()2

כּמה וכמה. ,,אַ גוט וואָרט קאָסט ניט קיין
געלט און בּרענגט תּמיד אײַן,,; ,,שׂכל בּרענגט
אַמאָל מער אײַן ווי די הענט,,, שוו. ,,דײַן
קרקעות... בּרענגן דיר ניט אַזו פֿיל פֿר דינשׂט
אײַן,,, עיון, נה/ב. ,,די האָרעפֿאַשניקעס מוזן
א, געלט אויף אַלערליי ספּאָסאָבּעס כּדי זיי
זאָלן האָבּן גוטע־ייִדן פּדיונות צו געבּן‘‘,
גענאַרטע וועלט, 1815? פֿון אַלערליי אַרבּעט

בּרענגט עפּעס אײַן, נאָר פֿלוידערן מיטן מויל
בּרענגט עס רובֿ אויס,,, מס, משלי תּקע,,ד,
יד, 23. ‘‘ער איז זיך... מתיר אַן עבֿירה צו
טאָן, ווען עס בּרענגט אים געלט אײַן‘‘, חא,
מח/ב. ,,אַ גוטער אַקערבּאָדן וועט א, מער ווי
אַ געמיינער אַקערבּאָדן‘‘, מ. ווענבּער, דער
יודישער ▯ עלדאַרבּײַטער, וואַרשע l891. ,,נאָכדעם

ווען ער וועט קאָנען א, אַ קערבל, וועט ער שוין ממילא קאָנען אויסבּרענגען אויך,,, שע, יוגנט־ראָמאַנען.

7. מאַכן אַז עמעצער (אָדער אַן אינסטיטוציע) זאָל האָבּן מער הכנסה. ,,מע מיינט אַז ווען די שטאָט־רעגירונג וועט עס איבּערנעמען וועט עס איר א, וויניקער ווי איצט". ,,דער שדכן האָט זיך אַוודאי געסטאַרעט אײַנצובּרענגען דער מלובה אַקציז ['דערפֿאַר, האָט ער געוואָלט אַז מע זאָל וואָס מער טרינקען בּראַנפֿן],,, ייִפֿאָל, 8 .35 1887, No.

אײַנזאַמלען, צונויפֿקלײַבּן. ,,דער דא האָט אײַן גיזאַמלט זיא [= די וואַסערן] אונ, אײַן גיבּראַכט זיא אַז איין מויאר...", מחזור ר,,ה ויו"כ, הומבּורג 1721, קלח/ב. ,,דער איז איין ממונה אײַן צו בּרענגין כּל העוונות וכל הרעות דז דער מענש זיך האָט בּהעפֿט דראָן... בּזה העולם,,, נצ1, ט/ג. 'לאסף ולכנוס, (קהלת, ב, 26): "אונ, צו אײַן בּרענגען,, [תּי: ,,און צו זאַמלען,,].

9. אַרײַנטראָגן. צושטעלן, צוגעבּן, מוסיף זײַן. א, נאָך דאָקומענטן און עדות. א, אין גערירכט אַן אָנקלאָג אויף עמעצן. א, אַ פֿאָרשלאָג. 1O. דערפֿירן צו אַ געמיט־צושטאַנד,

צו אַן אַנדער באַציאונג ווי פֿריִער. אײַנשטילן
די מחלוקה און א, שלום. א, א י ן
פֿריילעכקייט, אין לײַכטקייט פֿון געמיט. „אַזאַ מוזיק
ברענגט מיך אײַן אין אַ מעלאַנכאָליע“. פֿיג.
א, עמעצן אין אַ נײַער וועלט. „אים
אַרויסגעפֿירט פֿון דער ריין־רעליגיעזער
אַטמאָספֿערע און אײַנגעבראַכט אים אין דעם רעאַלן
לעבן“, קאָר I.
11. אַרכ. אײַנשרײַבן. אַרײַנטראָגן,
אַרײַנ▯ירן אין אַ בוך. „און, ווען ער הט שוין זײַן
זאַכן אויף גשריבן און, וויל זיא (חול מועד)
אין איין בוך אײַן ברענגן — טאָר ער ניט“,
עדו, ע/א.
מיט ז י ך — א, זיך אַ גאַנג. א, זיך אַרבעט
(די מי, די טרחה). א, זיך האַרצווייטיק. א, זיך
הוצאָות. “ער מוז זיך אײַנשטעלן זײַן נפֿש איי
[= איידער] ער ברענגט זיך אײַן זײַן פּרנסה“,
מחזור לראש השנה, סלאַוויטע 1832, לב/א.
פֿאַרגעסט ניט אויסצוחשבונען וויפֿל סענט ער
„ —
ברענגט זיך אײַן אַ טאָג, וואָס ער גייט אַליין
אײַנקויפֿן“, אָפּאַ, אַ תכלית,. „אָפּט פֿאַרברענגט
,

אײַנבּרענען

אײנער און דערמיט בּרענגט ער זיך מער אײַן", מס, משלי תקע"ד, יא, 24. —עניש.

אײַנבּרענגער — דער, ־ס. וונ ־ין, קע, ־ס.
1. ווער עס שפּאָרט אײַן, מאַכט הוצאָות מיט חשבּון (היפּוך פֿון אויסבּרענגער). ,,אַן א, איז בּעסער (מער) ווי אַ פֿאַרדינער", שוו. ,,נאָך קאַרגער וואָלט, דוכט זיך, דער גילדנסטער א, נישט בּאַוויזן צו זײַן", נפּ, ייִפֿאַ, 2 ,1939.
2. ווער עס בּרענגט אַרײַן הכנסה. ,,און ווער שמועסט פֿון זײַן בּריהשקייט אין סוחרײַ? אַ קאַטאָוועס אַן א, איז ער... 1", עט, סערקעלע "זיי וואַרן די א'קעט אין שטוב און ער פֿאַרקערט וואַר דער אויסבּרענגער", אמד, רויזע פֿינקעל..., ווילנע תּרל,,ד. 3. ווער עס בּרענגט פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. ווער עס פֿירט אַרײַן. ,,איז ער דאָך אַל צײַט דער אויז ציהר אונ, דער אײַן בּרענגיר גיוועזין פֿון דעם פֿאָלק,,, סהמ, שמואל ב, ה, 2.
־ערײַ. —יש — אַדי. א'ע מיטלען. — ישקייט.

אײַנבּרענדל — דאָס, ־עך. דזוו אײַנבּרען
בּ6. מאַכן אַן א, צו דער זופּ. אײַנבּרענען

קאַרטאָפֿל־זופּ מיט אַן א'.

איינבּרעניק — אַדי. אויך: ~בּרענעוודיק.

.

וואָס מע קען אײַנבּרענען. א'ע שטיינער. א'ע קינעלעך, שײַטלעך האָלץ אע ־יקייט.

אײַנבּרענען — טרוו. בּרען אײַן, ~געבּרענט.

1. אָנצינדן (וועגן מאַטעריאַלן וואָס בּרענען שוואַך). אונטערלייגן אַ סך טרוקענע שפּענער אײַנצובּרענען די נאַסע שײַטלעך האָלץ אין הרובע. אויך: א אַ קנויט פֿון אַ קעראָסין, לאָמפּ. *א, אַ ו ו ע ל ט = זיך בּריהן; זײַן אויפֿטועריש, אַרויסווײַזנדיק ענערגיע, אימפּעט

איר: א, אַ וועלט און אָנווערן געלט. 2. צובּרענען. פֿאַרבּרענען אַ בּיסל אָדער טיילווײַז. פֿרעסן מיט אַ צו הייסן פֿרעס און א, די ודעש.

3. אָנהייצן זייער שטאַרק, ספּעצ אין שײַכות מיט כּשרן דעם אויוון אויף פּסח טריקענען אַ פֿריש־געמאַכטן אויוון אע. א, דעם אויוון דרײַ טעג פֿאַר פּסח, קיין זכר פֿון חמץ זאָל אין אים ניט בּלײַבּן ,,ווען דער סיני האָט מיט פֿײַער אײַנגעבּרענט, וויל זי [ענגלאַנד] מיט טינט פֿאַרשמירן,,, חיים ליבּערמאַן, זבּ די

שטימע פֿון טאָל, נ„י 1940. 4. קאָכן אָדער
באַקן און דערלאָזן אַז דאָס פֿײַער זאָל

צובֿרענען דעם מ□כל. האַלטן דאָס ברויט צו לאַנג
אין אויוון און א, עס. 5. אײַנפּרעגלען,
אײַנבראָטן. א, מעל, מאַכן אַן אײַנברען.
6. מאַכן עס זאָל אָנהיצן (און ברוין מאַכן).
א, דעם רוקן אויף דער זון. א, די גלידער
וואָס טוען וויי מיט אַן עלעקטרישן מכשיר.
7. אײַנשטעמפּלען מיט אָנגעגליטן אײַזן אַ
דערקען־צייכן אויף די הערנער, קאָפּעטעס,
פֿעל פֿון חיות. א אַ □טאַווראָ אין אַ טאַבון

,

פֿערד, אַ סטאַדע אָקסן פֿאַלן די תקיפֿים פֿון

„ ·

די אומות אויף אַן המצאה און ברענען אײַן,
אויף להכעיס, דעם קליינעם אומהלע אַ □
קינצייכן אויף זײַן שטערן — אַ חותם פֿון אַכזר.
יות„, ד. י. זילבעדבןש, שטרעכאַלעך.. □ ווין
1916. □ ,

איי□ ברעקלען

8. זייער שטאַרק ווירקן. א, אין דער נשמה

דעם באַגער צום ייִדישן קיום. א, מיט גליאיקע
רייד געטרײַשאַפֿט צום גלויבן....
טיִט ז י ך—א, זיך אַ פֿינגער. "דער חותם
בֿון די יאָרן אַרום פּרצן האָט זיך אין זײַן
נשמה אײַנגעבֿרענט ווי אַ זיגל פֿון רויטן לאַק",
מלך ראַוויטש, קענאָ 1 1960 II. *א, זיך אין
עפּעס = א) זײַן פֿאַרקאָכט אין עפּעס. א, זיך
אין דער אַרבעט פֿאַר....; בּ) זײַן
אַרײַנגעטאָן אין עפּעס און דערבײַ אויפֿטאָן. א, זיך
אין מסחר און ווערן רײַך. *א, זיך אין
עמעצן = זיך שטאַרק פֿאַרליבן. ־ונג. ־עכץ.
־עניש. ־ער — אויך אַפּאַראַט, מכשיר
אײַנצוברענען.
אײַנבּדעקלען — טרוו. ־קל אײַן, ~
געבּרעקלט. 1. אײַנבּרעכן, אײַנמאָלן, אײַנשנײַדן
אויף בּרעקלעך, קליינע שטיקלעך. א, אַלט
בּרויט און געבּן די עופֿות. אַ וואַרף טאָן
אַ שטיק אײַז און א, אים אויף שטיק־
שטיקעלעך. 2. אַרײַנבּרעקלען. אָרײַנשיטן בּרעקלעך
אָדער צעבּרעקלטס. א, סוכאַרעס אין טיי, מצה
אין מילך. 3. פֿאַרשיטן בּרעקלעך. א, דעם
טישטעך. עסן בּרויט און א, די גאַנצע
פּאָדלאָגע. ־עכץ — דאָס וואָס מע בּרעקלט אײַן.
־עניש.

איינגאָב — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנגעבן.

דער א, פֿון די מאַטעריאַלן. 2. אויפֿגאָב,
אָדערויף, האַנטגעלט. געלט וואָס מע גיט אויף פֿן
חשבון. קויפֿן סחורה אויף אַ הונדערטער און
געבן (אַן) א, אַ צענערל. 3. (שנײַדעריש) דאַס
וואָס עס איז אויף אויסוואַקסן. דאָס וואָס עס
איז אויף אײַנפֿאַל. קויפֿן אַ גאַרניטערל סחורה
מיט אַ האַלבן מעטער אויף א'. 4. דאָס וואָס איז
גאָר דער אָנהייב (פֿון אַ געשלעג, קריגערײַ אע).
אַן א, פֿון אָ פּאָר סטוסאַקעס. אַן א, פֿון קללות
פֿאַרן רײַסן זיך פֿאַר די האָר. „דאָ האָסטו דיר
עטלעבע פּעטש א„ דעם ריכטיקן חלק וועסטו
ערשט קריגן שפּעטער“.
איינגאַווערן — טרוו ־ער אײַן, ~
געגאַ— .
ווערט. אײַנריכטן, אײַנשמוציקן מיט גאַווער,
שפּײַעכץ. א, די סערוועטקע אויף דער ברוסט.
א, דאָס פּנימל. א יך מיט ז י ך — א, זיך בײַם
עסן פֿיג. פֿאַרכליניען זיך, איבערכאַפּן די מאָס
בײַם לויבן. א, זיך מיט איבערגעטריבענע
שבֿחים אויפֿן חשבון פֿון יובילאַר.
איינגאַזן — טרוו. גאַז אײַן, ~געגאַזט.

--

1 פֿאַרטויבן מיט גאַז. א, דעם פּאַציענט און

אַרויסרײַסן אַ באַקצאָן. 2. אומברענגען מיט גאַז פֿאַרגאַזן. די דײַטשן האָבן אײַנגעגאַזט

-. - -

מיליאָנען מענטשן אין זייערע גאַזאויוונס. מיט ז י ך. ־ונג.

איינגאַזען — טרוו ־זע אײַן, ..,געגאַזעט.

-

אײַננעצן, אײַנזאַפּן מיט גאַזע, קעראָסין. א, אַ שמאַטקע און רייניקן מיט איר די בעטן.

איינגאַזשירן — טרוו ־זשיר אײַן, ~

גאַ—

זשירט. נר. פֿטמ. אַנגאַזשירן. אַרײַנקריגן. באַשטעלן און קויפֿן. ,,איך וועל מיר אַליין א, מזומנע ,פּאַפּירלעך,,,, שע, מנחס־מענדל.

11()3

איינגאָט — דער וצ נב. נעאָל. איין־און

.

איינציקער נאָט. דער אחד. ,,א', ייִד, דײַן

שטאַם איז“, אפֿא,... געצעלסן. א'־ג ל ו י ־
בּ ן — דער. מאָנאָטעאיזם.
איין גאָט... — אָנהייבּ פֿון אַ צאָל
אויסדרוקן, וואו א י י ן בּאַטײַט: נאָר, בּלויז. א,
ג, ו ו י י ס ט ווי מיר איז בּיטער (אַז איך
קען ניט אָפּצאָלן דעם חובֿ, אַז איך זאָג דעם
אמת אאַזוו). „א, ג, ווייסט, וואָס זי האָט
געמוזט אין יענער צײַט פֿון די לצים אויסשטיין
נעבּעך„, ממוס, קליאַטשע א, ג, ז אָל (ק ע ן)
ה ע ל פֿ ן. ‟דו בּיסט שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער. א,
ג, קען דיר נאָר העלפֿן„. „הערסט... א, ג,
זאָל מיר העלפֿן, ס'איז נישט גוט, בּרודער,
ס'האַלט שמאָל„, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ
פֿערדגנבֿ. א, ג, זאָל זיך דערבּאַרעמען (זיך מרחם
זײַן) אע.
אײַנגאַלאָפּירן — ־פּיר אײַן, ~גאַלאָפּירט.
אוטוו — אַרײַנגאַלאָפּירן. אַרײַנקומען אין
גאַלאָפּ. א, אין דער פֿאַרנומענער שטאָט מיט אַ
טראַסק פֿיג. אַרײַנפֿאָרן האַסטיק אין אַ צווייטנס
.
רייד. א, מיט אַ מעשׂה שהיה. מיט ז י ך —
אַרײַנקומען, אַרײַנבּרענגען זיך אין אַן אימפּעט,
אין התפּעלות, און ניט קענען זיך אָפּשטעלן.
א, זיך אין ליגנס. א, זיך און פֿאַרשפּילן אַלץ.

טרוו — אָנהייבן טרײַבן אַ פֿערד אע אין גאַלאָפּ. א, די סוסים, אַז די ערד זאַל ברענען אונטער די קאָפּעטעס. ־ונג.

איינגאָלדן — ← אײַנגילדן.

--

אײַנגאַלוואַניזירן— טרוו. ־זיר אײַן, ~ גאַלוואַניזירט. 1. צוטרעטן צום פּראָצעס פֿון גאַלוואַניזאַציע, אָנלאָדן מיט עלעקטרישן שטראָם. א, אַ טויטע באַטערייקע. 2. פּרעזערווירן מעטאַל־זאַכן פֿון ראָסט. א, טײלן פֿון אויטאָ.

איינגאַליק — אַדי פֿטמ. עגאַל. וואָס האָט

▯

דעם זעלביקן אויסזען, קוואַליטעט און קוואַנטיטעט. „איך זוך אַ פּאָר א'ע קנעפּלעך צום מאַנטל“.

איינגאַליקן — טרוו ־יק אײַן, ▯י.,געגאַליקט.

—— .

אײַנביטערן, מאַבן אומדערטרעגלעך־פֿײַנלעך. א, יענעם ס'לעבן.

איינגאָלן — טרוו גאָל אײַן, ▯י־,געגאָלט.

-

1. גאָלן גרינטלעך אָדער מיט שווערייקייט

(אויסהיטנדיק זיך). א, אַ האַרטע באָרד. א,
אַ פּרישטשעוואַט פּנים. 2. (פֿאָרכאַפּן מיטן
גאָלמעסער) אָפּגאָלן ניט־בכּיוון אַ בינטעלע
האָר וואָס האָט באַדאַרפֿט בלייַבן ניט־
אָנגערירט. א אַ שטיקל פּאה. 3. (אויס)גאָלן אַ טייל

,

מ▯ט אַ ספּעציעלער כּוונה. א אַ פּאַס אין קאָפּ

,

פֿון אַרעסטאַנט. ← אייַנזייפֿן.

אייַנגאַלקעווען — טרוו. ־קעווע איין, ~
געגאַלקעוועט. 1. אַרייַנוואַרפֿן די גאַלקע (ביי
אַן אַלטן אופֿן באַלאָטירן). א, פֿאַר פּלוני בן
אַלמוני. 2. טרינקען אַלקאָהאָל. א', מאַכן אַ
לחיים.

אייַנגאַנג — דער, ־ען (~גענג▯. 1. יעדער
אָרט וואָס איז באַשטימט אויף אַרייַנצוגיין,
אָרייַנצוקומען. וואו איז דער א'? שווער צו

געפֿינען דעם א,. שמאָלער (ברייטער) א'. „קיין
טיר און קיין א, האָב איך ניט געפֿונען,„
יהואָש. „און גאָט וועט איבערהיפּן איבערן א,
און ער וועט ניט לאָזן דעם אומברענגער

אַרײַנקומען אין אײַער הויז צו שלאָגן,,, תּי, שמות, יב, 23. מלל פֿאַרטײַטשט 'אַל מבוא השלישי אֲשר בּבֵית ה', (ירמיה, לח, 14): ,,אײַן גאַנג,,.
,,און, ביגעגינט פֿײַנדן אין אַלי אויז און אײַנגענג,,, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תצ,,ט.
"די מאָשייע האָט 31 אײַנגענג מיט 20 טויערן", קמ, 1865, 10 No. א'(ס)־ט י ר — טיר וואָס פֿירט צום דרויסן.

2. עפֿענונג אויף אַרײַנצוקומען אין אַ בּנין אע. ,,אַזוי איז ער [אַבֿרהם] זיי געלאָפֿן אַנטקעגן פֿון דעם א, פֿון געצעלט,,, תּי, בּראשית, יח, 2. ,,אין [געצעלט] האָט מען איבּערגעלאָזן אַן א',,, ל. שאַפּיראָ, נאָוועלן. ,,און די אײַנגענג פֿרוכט בּאַהאַנגען,,, פּרק פֿינף מגילות

3. אָרט אין אַ בּאַוואַכטן בּנין (אַ טייל פֿון בּנין) אָדער בּײַ אַ בּאַוואַכטער פֿעסטונג, גרענעץ, זאָנע, וואָס מע קען איבּערטרעטן נאָר מיטן הסכּם פֿון שומר(ים). ווײַזן די דאָקומענטן בּײַם א'. ,,און, זיא אופֿנטן צו אינן דיא בּישליסונג דער אײַן גענג... דיא דא בּישלאָסן וואַרן מיט אײַזרנן ריגלן", יוסיפֿון, אַמשט 1661. ,,בּײַ די בּראָמען אין א, פֿון דער שטאָט", מס, משלי תקע,,ד, ח, 3. א'־ו ו אַ ד. א'־ט ו י ע ר. א'־

פּ ו נ ק ט. א'ס־בּ י ל ע ט — „מיט אָן א'
סבּילעט זיך אַרויפֿגעכאַפּט בּיז צו דער ערשטער
רייע„„ פּרץ, ליטעראַטור און לעבּן. 4. וועג(ל),
סטעזשקע וואָס פֿירט צו אַ בּנין, צו אַ
בּאַשטימט אַרט. בּאַשיטן דעם א, מיט זאַמד. „דורך
צוויי שורות פּאַלמען און ציפּרעסן פֿירט דער
הויפּט־א, צום בּית־עולם פֿון די פֿרעמדע„„ פּה,
פֿון ווײַטע לענדער.

5. יעדער מין ענגער דורכגאַנג, דורכפֿאָר
וואָס בּרענגט אַרײַן אין אַ בּרייטערן שטח.
שמאָלער א, דורכן קאַנאַל. א, אין (צום) האַוון.
אודך: האַלדז־א, צום מאָגן. 6. אַרכ.
אַרײַנגאַנג. אויפֿגאַנג. „דיא זון ווייס (מבואו) זײַן
אײַן גנגן“, סהמ, תּהלים, קד, 19. „איין אין
גאַנג אונ, איין וועג וואו דורך מן קען קומן
צו דען גאָטשׂ דינשׂט“, חה, אַמשט 1716. *וויסו
די אויסגענג און די אײַנגענג = וויסן ווי מע
פֿירט זיך. „טוסטו דען חלילה דענקען דאָס עס
קיין גאָט בּ„ה איבּער דיר, דער דאָס ווייס דײַנע
אויסגענג און אײַנגעננ“, א. פּאַוויר איבּז,
בּחינות עולם, זשאָלקעוו תּקס„ה.

7. אָפּטער אַרײַנקום. פֿאָרקער. *האָבּן
(אַן) א, = אָפּט אַרײַנקומען, סאַרקערן, האָבּן

אָפּט צו טאָן. *מאַכן (אָן) א, = פּועלן,
ווירקן אַז עמעצער זאָל האָבן א'. „ר,
אַבֿרהם האָט געהאַט א, אין ￼יל לײַטישע
הײַזער און זיך געריבן אַרום נגידים“, ממוס,
ווינטשפֿ. „איז סאַר אונדז אַ כּבֿוד אַז אונדזער
-

קינד קען האָבן אַן א, בײַם פּרימאַר„, דאָס
גיטויפֿטע יונגיל, לעמבערג 1884. „מילא דײַן
טאַטע האָט דאָך אים געמאַכט אַן א, אין די
'קושאַרן'“, ונײַס, אַ שלעכטע פֿרוי. „אַן
ערלעכער... וואָס האָט אַן א, צו אַ הולטײַ„, מס,

אײַנגאָס

משלי תּקע“ד, כא, 12. אויך האָבן א ו י ס -
ג אַ נ ג און א, (א, און אויסגאַנג). „און, אויף
אַל די לײַט דן מיר אויז גנג און, אײַן גנג איז
אויף שיפֿן„, סהס, ישעיה, בֿ, 16.
8. אַרײַנפֿיר, הקדמה. “אינגאנג צו דיא
מעשׂיות“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. „אין
דעם א, בעט ער אַלע בעלי־מלאָכות... זיי
זאָלן שיקן לערן־ייִנגלעך„, קמ, 19 1863, No.

9. הכנסה [הורוויץ, ספֿר המליס, אַדעס 1903].
,,און, בײַ אײַן גאַנג דר געלדר...“, י. מאַרשן,
חנוך לנער, פֿיורדא 1774.
אײַנגאָס — דער, ־ן. 1. אַקט, פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנגיסן, ←. 2. דזוו
אײַנגוס ..
אײַנגאַסטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)גאַס
טירט. איר. אײַנקוואַרטירן. א, עטלעכע
קאָזאַקן אין אַ ייִדיש הויז. מיט ז י ך אַ
לען----
גערע צײַט פֿאַרבלײַבן פֿאַרהאַלטן זיך צו
,
גאַסט, אין געסט. ,,מע זאָל זיך אָפּהאַלטן ווי
ווײַט מע קען נאָר דאָס מע זאָל זיך ניט א,
בײַ דעם אַנדערן“, אמד, הלכות דרך ארץ,
ווילנע 1871. ־ונג.
איינגאָסלען — טרוו ־פּל אײַן, ~געגאָפּלט.
—
.
אַרײַנשטעקן (טיף) אַ גאָפּל. אַרויסנעמען אויף
אַ גאָפֿל. א אַ ינטל היי און אַרויפֿוואַרפֿן
,
אויפֿן וואָגן.
אײַנגאַראַנטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~

גאַראַנטירט. געבן אַ פֿולע ערבֿות, גאַראַנטירן די פֿולע סומע. א אַ חובֿ, אַ וועקסל —ונג.

. ,

איינגאַרבן 1 — טרוו. גאַרב אײַן, ~ גע־־

גאַרבט. אײַנבינדן א ן גאַרבן. א, די אָפּגעשניטענע תּבֿואה.

איינגאַרבן ll — טרוו. גאַרב אײַן, ~ גע־־

גאַרבט. אָנהייבן באַאַרבעטן פֿעל אין גאַרבערײַ. א, אַ פּאַרטיע יוכט.

איינגאָרבען זיך — ← אײַנהאָרבען זיך.

.

איינגאָרגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אײַן, זיך ־

~געגאָרגלט. 1. אָנכאַפּן (אײַנקלאַמערן זיך) עמעצן פֿאַרן (אין) גאָרגל. א, זיך אין שׂונא אַרן אים ניט אָפּלאָזן. 2. פּעיאָ. אײַנגעניטן זיך אין זינגען אע. א, זיך אין חזנישע שטיקעלעך.

איינגאַרטלען — טרוו ־טל אײַן, ~ געגאַר־־

טלט. 1. אײַנבינדן מיט אַ גאַרטל (ספּעצ פֿאַרן תּפֿילה טאָן). א, די קאַפּאָטע, אָנטאָן אַ טלית

און שטעלן זיך צום יום־טובֿדיקן שחרית.
2. דזוו בכלל אײַנבינדן, אַרומבינדן. א, די
פֿעלצלעך און לאָזן זיך שליטלען. מיט ז י ך —
א, זיך ווי אין אַ פֿראָסט.
איינגאָרן — טרוו. ◻אָר אײַן, ◻,געגאָרט. לאָקל
--
(שידלאָוו, קיעלצער גובּ'). אין לשון פֿון
חדרייִנגלעך. אײַנלערנען, אײַנחזרן. א, דעם טײַטש
פֿון אַלע ווערטער פֿון אַ צאָל פּסוקים. א, די
אויסריידענישן פֿון רשין. גוט א, און ניט
מורא האָבן פֿאַר אַ פֿאַרהערעניש.
איינגאָרנדיק — אַדי. וואָס איז פֿון (האָט)
איין גאָרן, עטאַןש. “אַ הויז, אַ הילצערנס, א'ס,
מיט אַ גאַניקל אויף עטלעכע טרעפּלעך די

11()4

הייך“, ממוס, שלמה. ,,דער ראָמאַן איז א,,
אפֿשר בלויז איינצימערדיק“.
אײַנגאַרנירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~גאַרנירט.
אײַנפֿוצן. מאַכן עס זאָל אויסזען שענער. א,
פֿיש מיט רויטע פּעפּערלעך און גרינער
פּעטרישקע. ־ונג.
אײַנגאָשטשען, ~גאָסטיען זיך — אוטוו.

גאָשטשע (־סטיע) זיך אײַן, זיך ~געגאָשטשעט (־סטיעט). 1. זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ צײַט (מער פֿון אייגענעם ווילן ווי געבעטן) צו גאַסט. א, זיך בײַ אַ ווײַטן קרובֿ. 2.
אײַננאַי
דיען זיך. א, זיך צו אונדז יעדן אויפֿדערנאַכט.
־עניש.
איינגדלען זיך — [... גאַדלען] אוטוו. גדל

זיך אײַן, זיך י.,געגדלט. אָנהייבן זיך האַלטן גרויס, שטאָלץ. א, זיך, מי ישווה לי ומי יערוו לי.
איינגדרן — [... געדערן] טרוו. גדר אײַן,
־
~געגדרט. אַרומנעמען מיט אַ גדר, צוים, אײַנצוימען. ״דאָס ייִדישע לשון ווערט מיט אַזעלכע לידער אויך אײַנגעגדרט אין ליבשאַפֿט״, יג, תּוד I.
אײַנגוואַלדעווען
— אוטוו ־דעווע אײַן, ~
געגוואַלדעוועט. אַרײַנשרײַען; גוואַלד־גוואַלד. בכלל היסטעריש אַרײַנשרײַען. אַרײַנלויפֿן אין שטובֿ און א': רוצחים, דושעהובניקעט.

איינגווינטעווען — טרוו ־טעווע אײַן, ~
גע—
.
גווינטעוועט. 1. אײַנשרויפֿן, אײַנדרייען,
אײַנפֿעסטיקן אַ שרויף. א אַ גווינט אין דער
,
זאַוועסע, זי זאָל זיך ניט טעלעבענדען.
2. וואוילינגעריש פֿאַרוויקלען עמעצן אין אַ
מיאוסער סיטואַציע, עס זאָל זײַן שווער זיך
אַרויסצודרייען. א, דעם חבֿרה־מאַן אַזוי, אַז
ער זאָל מוזן טאָן וואָס מע הייסט אים
איינגוטיקן — טרוו. ־טיק אײַן, ~געגוטיקט.
-
לד. פֿרגל: ~גיטיקן. 1. מאַכן בעסער,
באַטעמטער. א אַ מאכל. 2. פֿאַרגיטיקן.
קאָמ,
פֿענסירן. א, פֿאַר אַן אָפּגעטאָנענער עוולה.
־דנג.
איינגויאישן — טרוו ־איש אײַן, ~

געגוי

--
אישט. פֿאַרגויאישן. אײַנפֿירן אויף אַ

ניטייִדישן, גויאישן שטייגער. אַרײַנפֿירן אין אַ
גויאישער סבֿיבֿה, אַטמאָספֿער. א, דעם יתום
וואָס לעבט אין דאָרף. א אַ ייִדישע
אינסטיטו,

ציע. א, די בר־מצווה. מיט ז י ך — א, זיך און
ווערן אַן איוואַן ווי אַלע איוואַנעס.
איינגוידערן זיך — אוטוו ־ער זיך אײַן,
—
.
זיך ~געגוידערט. איר. אָנבלאָזן אַ גוידער
אויסצוקוקן פֿעטער, נגידישער. א, זיך מעשׂה
נגיד.
איינג□למען [... גוילעמען] טרוו. גולם אײַן,
-
~געגולמט. אײַנטעמפּן. מאַכן טעמפּ. מאַכן
כּמעט אינגאַנצן פֿאַר אַ גולם. א, דעם יונג
מיט כּסדרדיקע קלעפּ. א, דעם פּראָסטן נאַראָד
מיט קליאָטשע, מיט נאַרישע צוזאָגן. „די
טעלעוויזיע גולמט אײַן מיט אירע אומקולטורעלע
□ראָגראַמען“, רדיד (נ,,י). מיט ז י ך —
אַרײַנפֿאַלן אין אַ העק און א, זיך. זיך א, מיטן
שיכּורן.

אײַנגיין

אײַנגוס — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזדלטאַט
פֿון אײַנגיסן. א, פֿונעם רעגנוואַסער. „און ווי
צונגען אין פֿלאַמען פֿאַרלאָרן — אַן א,
געוואָרן„, מק. 2. ים־פֿאַס וואָס גייט אַרײַן ווײַט
אין דער יבשה. בוכטע. גאָלף. מעקסיקאַנער א'.
דער א, פֿון לאָנג־אײַלאַנד. „דער ברעג פֿון ים
בײַ אַשדוד איז אַ גלײַכער, אָן דער מינדסטער
י

אָנדײַטונג אויף אַ בייג, אויף אַן א',„ שלמה
בן־יסtראל, פֿאָר, 3 .5 □ 1964 I□I. פֿיג.
השפֿעה, ווירקונג. "ער האָט גערעדט און געמוסרט,
איך האָב ממש געזען דעם א, אויף די
פֿאַררייטלטע פּנימלעך פֿון די קינדער".
איינגוסיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז פֿון איין
גוס. איינהייטלעך. „די פּאָעמע... איז א'ער
און גאַנצער לויט דעם אײַנדרוק וואָס זי מאַ□ט,„
שנ, 1921. ־יקייט.
איינגורטן — טרוו. גורט אײַן, ~געגורט.
□־
דזוו אײַנגאַרטלען. א, די לענדן □רגל
אָנגור.

טן. מיט ז י ך — אַרכ אויך: אײַנוויקלען זיך. „אין זײַן וואַנדר קליידר גוירט זיך דער יונג ווידר אײַן“, שמואל־בוך, סטראָפֿע 356.

איינגורלדיק — [.. גוירל...] אַדי. וואָס האָט אַ בשותּפֿותדיקן גורל, דעם זעלביקן גורל. זײַן א, אין ליידן און אין פֿריידן. ־ קייט — „זיי האָבן אַלע איין גורל... לייוויקס פֿאַעזיע אין אירע העכערע מדרגות איז די פּאָעזיע פֿון... א'“, שנ, ה לייוויק.

איינגיטיקן — טרוו ־טיק אײַן, ~געגיטיקט.

—

פֿרגל: ~גוטיקן 1. אײַנשטילן מיט גוטן. א, עמעצנס כּעס. 2. פֿאַרגיטיקן. קאָ פֿענסירן. א, פֿאַר די שאָדוינים ־ונג.

.

אײַנגיין — אוטוו. גיי אײַן, בּ י ן (ה אָ בּ)

־

~געגאַנגען. אויך פֿטמ: ~געגאַן, ~געגאַנען. 1. אַרכ. אַרײַנגיין. אַרײַנקומען פֿון איין אָרט אין אַ צווייטן. „'בּרוך אַתּה בּבֿואך ובדוך אַתּה בּצאתך', דאָס איז טײַטש: גיבּענשט זאָלסטו זײַן אין דײַנם אין גיין און גיבּענשט זאָלסטו זײַן אין דײַנם אויש גיין“, לט1, נב/ב. „הערט

איר אַל דא גאטשׂ וואָרט איר פֿון וודא דאשׂ
איר א י ן דיזם טור איַין גיט“, שעריר, ז, 2.
“דו מאגשׂט ניט איַין גין א י ן דשׂ הויז זיַינר
קנעכטן“, יוסיון, אַמשט 1661. “דא ער נון
צום הויז איַין גינג, גאַר פֿריַינטליך ין זיַין
פֿרויא אנטפֿינג“, ספֿר משליט פֿדמ 1686.

“דיא איבּריגן דיא גאָט ווערט ר זאַמלן דיא
ווערט איַין גין אין דען לושׂט גאָרטן“, מחזור
שלש רגלים, אַמשט 1713. *קענען אויסגיין
און א, = האָבּן כּוחות צו פֿירן אַ וועלט פֿירן

מסחרים, אָנפֿירן עפּעס אע. „איך בּין שוין אַן
אַלטער מאַן, אויסגיין און א, איך ניט מער
קען„, ושל הקדמוני, אוסטרהא 1808.
2. אָפּט אַריַינקומען צו עמעצן, ווערן
פֿאַמיליער. א, צום שכן. א, צו אָן אַלט חבֿר.
א, און ווערן אַן איַינגייער.
3. אַריַינדרינגען. א, אין מוח. א, אין האַרץ.
„עז גיט אים איַין צו איינם אורן [= אויער]

און, צו דען אַנדרן ווידר אויז“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, לד/ב. “עז גינג אים גלײַך אײַן אַז אין איין פֿאַס ווײַן,,, ד□רטן, נא/ב. “

אונאײַנגיין

דזערע ווערטער זײַנען זיי אײַנגעגאַנגען און זיי האָבן דעם חשק צו דעם שידוך פֿאַרלאָרן,,, יפֿ. ,,ווער דרינן וועט לעזן דער ווערט זיך משׂמח זײַן און יראת־שמים וועט אים גיין אײַן“, ר, אַהרן מטרי□ש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר,,ג.

4. אַקוזוו. דורכגיין אַ שטיק (לאַנגן) וועג. א, אַ לאַנגן וועג. ,,קום און זע לבֿן איז געגאַנגען אין איין טאָג וואָס יעקבֿ איז אײַנגעגאַנגען אין זיבן טעג“, נצ2, מד/א.

5. אָנהייבן זיך (וועגן צײַט). זײַן בײַם אָנקומען פֿון שבת, יום־טובֿ אע. ,,ווען דער הייליג שבת גייט אין, דא ביגרײַפֿט משיח אַן די פֿיר רינג, דא היבן זיא אַן איין גיזאַנג“, ספֿר עולם הבא הנ□רא בפֿי כל ספֿר הגן, אַמשט 1659. “קאַן ניט ווישן דיא צײַט... ווען שבת אײַן גיט... מוז ער... פֿריאר

שבּת מאַכן,,, טח, בּראשית, בּ, 2, רשי. ,,מן זאָל שבּת האַלטן אם ערבֿ שבּת, אי דאשׂ דער שבּת אײַן גיט,,, צאינה, כּי תשׂא. ,,ער שפּראַך צו אים בּשעה דז דיא נכט וואַר אײַן גיגנגין,,, נצ1, לו/ד. ,,ער זאָל ריין זײַן ווען דער יום טובֿ אײַן גיט,,, עדו, נג/ג. ,,מן זאָגט ניט תּחנון צו מנחה אם ערבֿ ראָש חדש, ווען ראָש חדש אײַן גיט", ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, י/א.

6. אָנהייבּן פֿירן אַ געשעפֿט אע. ווערן אַ שותּף אין אַ מסחר, אונטערנעמונג. ,,דער קליינער [סוחר] קען גאָר מיט יענעם ניט קאָנקורירן און אַז ער גייט אײַן א י ן אַ געשעפֿט, קאָסט אים שוין טײַערער", ארז, קמ, 1867, No 30. ,,דער מענטש וויל נישט א, אין אַן עסק, ווײַל ער האָט פּחד אַז ער וועט האָבּן היזק פֿון געלט נאָר בּאופֿן אַז זײַן חבֿר גייט מיט אים אײַן בּשותּפֿות,,, א. י. שפּערלינג, ליקוטיס II, לעמבּערג תּרס,,ט.

7. אָנהייבּן זיך (מיט)בּאַטייליקן אין עפּעס. א, א י ן אַ וויכּוח. ,,— האָט איר דאָס געהערט?... פֿון ווענען? — אין דעם גיי איך נישט אײַן", טעיאַטאָר. "מע [= די פֿייג] ווערט נענטער בּאַקאַנט און [מע] גייט אײַן אין שידוכים וואָס פֿאַרהעלפֿן צו דערהאַלטן דאָס

פֿויגל־געשלעבט,,, ייִפּאָל, No ,l882 49.

8. צוקומען, אַרײַנפּליסן. אַרײַנקומען (וועגן געלט). אײַננעמען הכנסה. ,,עשׂ זאָל אײַן גין מײַן מינץ און, אידר מן זאָל ווישׂן מײַן ערבֿט,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713. ,,והפרנסים והגובֿים האָבֿן רשות כל שנה דען יעניגן צו בּפֿראגן אויבֿ מקצת מאלי אײַן גאַנגין זײַן כּדי חלק השליש... אײַן צו קאַסירן,,, 'פּנקס הקהל דק,,ק רונקל', תּצ,,ג [ייִבֿל ‎I]. ,,אין דער צײַט איז אײַנגעגאַנגען פֿון אײַנשרײַבֿן אין דער חבֿרה... 335 רו,,כ“, קמ, 25 l863, No. ,,נדבֿות זײַנען דווקא אײַנגעגאַנגען... אַ רעגן פֿון נדבֿות האָט געגאָסן אויף זייערע קעפּ“, שע, 'כתרילעווקער נשׂרפֿים'. ,,מ'עט אויסקלעפּן אַן אַפֿיש פֿאַרן טעאַטער, דער עולם וועט זיך אַ לאָז טאָן און געלט וועט א, ווי מצה־וואַסער,,..

אַ ו ו ע ק ס ל גייט אײַן = א) ער ווערט

.

בּאַצאָלט. ,,זעסט, פּלוניס וועקסל אויף 500 קערבֿלעך איז אײַנגעגאַנגען, כאָטש דו האָסט

11()5

געמיינט אַז ער וועט בּאַנקראָטירן“; בֿ) עס

קומט דער טערמין אים צו צאָלן, ← בּ9. „די וועקסלען וועלן בּאַלד א', וואו נעמט מען געלט צו בּאַצאָלן?“.

9. היפּוך פֿון בּ8. פֿאַרלירן, אָנווערן, האָבּן היזק. דאָס געשעפֿט גייט אײַן = ווערט קלענער פֿירט צו היזקות. „איך ם[אַרליר מײַן קרן,

-

,

ס'גייט ניט. יעדן טאָג ווער איך אָן. דער עסק מײַנער גייט אײַן ווי זאַלץ אין וואַסער“, רייד (ליטע). אויך: א, ווי פּוטער אויף דער זון.

„... דערפֿון זײַנען מיר פֿיל אײַנגעגאַנגען, עס איז קיין רעכטער בּוך ניט געווען, קיין רעכטער מענטש זאָל פֿירן,„ מסדר אגרת, ווילנא והוראדנא, תּקפּ“ה.

1O. (וועגן געזונט) אײַנצערן, שטאַרק אײַנדאַרן. אָפּגעשוואַכט ווערן (פֿון הונגער, קראַנקייט, אויסגעמאַטערטקייט). זײַן אין אַ געפֿערלעכן געזונט־צושטאַנד. א, פֿון טאָג צו טאָג. א, ווי אַ ליכט. א, פֿון צרות, פֿון האַרצווייטיק. א, ממש אונטער די הענט. *דאָס ה אַ ר ץ גייט מיר אײַן = ציטערט אין מיר, ווערט אַזוי ווי אײַנגעשרומפּן פֿון ווייטיק. „דעם וואָס גייט

אײַן קומט רחמנות פֿון זײַן חבֿר„, תּ׳, איובֿ, ו, 14. „עלקע איז אַלע טאָג שענער געוואָרן און קאָפּל איז אַלע טאָג אײַנגעגאַנגען אין געזונט„, ש. בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887. „דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן פּשוט אײַנצוגיין פֿון טאָג צו טאָג“, אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1865. „שטיל איז זי אײַנגעגאַנגען, געצאַנקט ווי אַ ליכט“, שע.

11. אינגאַנצן אויסגיין. שטאַרבן. א, ווי אַ ליכט אויפֿן ווינט. דאָס פֿײַער אין אויוון גייט אײַן. „בלויז דאָס פֿעדער־לײַכטע גופֿל האָט לײַכט אַ צוק געטאָן, אַ מענטש איז אײַנגעגאַנגען„, ביזבערג. „האָב געקלערט פֿון לעבנס וועלכע זײַנען אײַנגעגאַנגען„, מלך ראַוויטש, נאַקעטע לידער.

12. אונטערגיין. פֿאַרשווינדן, אויפֿהערן עקסיסטירן. „און, דא קרח מיט אַלים איז פֿר שלונדן גיוואָרן, דא איז אַלז אײַן גנגן אַן דאשׂ אורט„, סהמ, תּהלים, מב, 1. „די תּלמוד־תּורה, איבער וועלכער עס איז געווען אַזוי פֿיל פּאָלעמיקן... איז גאַנץ אײַנגעגאַנגען...„, קמ, 48 1868, No. „איז אַ יושר מע זאָל לאָזן א, אַזאַ נוצלעכע אַנשטאַלט, וואָס האָט אירסגלײַכן נישט?“, ייִפֿאָל, 1 1885, No. ▫— ס׳גייט אײַן,

ס'גייט אײַן! — וואָס גייט אײַן? — ס' ייִדישקייט. אפֿשר ווערט שוין גאָר כּלו חייבֿ,,, י. מ. נייעמאַן, שבת־אויבֿס, וואַרשע 1923.

13. (ווען שטאָף) אײַנלויפֿן, אײַנגעשרומפּן ווערן. אײַנציִען זיך. דאָס ביליקע העמדל איז אײַנגעגאַנגען נאָכן וואַשן. ,,אַ וואָלענע זאַך טאָר מען ניט וואַשן אין הייס וואַסער. עס וועט א',,. ,,די שנײַדער זײַן מיר אויך גנץ פֿײַן. זיא זאגין דז טוך גיט אין וואַשׂר אײַן,,, דוד מוזיקוס, 'איין שין ליד פֿון די הנד ווערקשׂ לייט', 1775 [פֿש I]. ,,אַרויסגענומען פֿון קעסל, מיט די קליידער אײַנגעגאַנגען,,, ש. שפּירא, קליידער פֿאַרבערײַ, וואַרשע 1900.

14. מסכּים זײַן. צושטימען (צו אַ תּנאַי).

אײַנגיין

מושווה ווערן. א, אויף אַ פּשרה, אויף אַ בּוררות. א ו י ף דעם וועט ער (ניט) א'. א, אויף אַ שידוך. א, אויף אַ פּראָגראַם. א, אויף אידעאָלאָגישע קאָמפּראָמיסן. ,,ער ווערט ווייך ווי פּוטער און גייט אײַן אויף אַלצדינג". "מיט פֿאַרגעניגן די קייסאָרים זענען אײַנגעגאַן,,, דאָס געזאַנג פֿון די פֿעלקער, מאָסקווע 1939. ,,און

ער וועט ניט וועלן שווערן און וועט ליבער א,
אויף אַ פּשר,,, יהל, די אומבּעקאַנטע פּערליבּטע,
וואַרשע 1901. ,,ווען איך געבּ אײַך אַ
קאַפּיטאַליסט וועט איר א, דערויף איר זאָלט זיך
טיילן... מיט אַלע פֿאַרדינסטן?“, שע,
בלאָנדזענדע שטערן I. ,,אַ משוגעת איז אויף דער
מיידל אָנגעפֿאַלן, האָט מען אויסגעטײַטשט
איר א, אויפֿן שידוך,,, ייִז, יאָשע קאַלבּ פֿון

,, .

די עטלעכע טויזנט אַרויסגעשיקטע איז ניט
געווען קיין איינער וואָס זאָל א, אויף בּײַטן
די אמונה“, ימ איבּז, שד II .
15. דריטפּערזאָניק און געוויינלעך אין אַ
נעגאַטיוון זאַץ (פּאָזיטיוו כמעט בּלויז אין אַ
פֿרעגזאַץ). (ניט) געפֿעלן. (ניט) ווװילבּאַקומען.
(ניט) הנאה האָבּן. (ניט) זײַן ליבּ, זײַן ניחא.
דאָס לעבּן, די וועלט גייט א י ם [דאַטיוו] ניט
אײַן. עס גייט מ י ר ניט אײַן דאָס טרוקענע
עסן. “כ'האָבּ געהערט פֿייגעלעך זינגען, ס'גייט
מיר גאָרנישט אײַן... פֿון מײַן ליבּע וועט
גאָרנישט זײַן,, פֿל. ,,מיר איז קיין שׂמחה אײַן

,

גנגין, נייארט אייטל טרויארן,,, 'כּ,,י מגילת
איבֿה', 1703. ,,אובּ איך נון שונט אַלי גוטי

טראַקטימענטין וכּבֿוד שבּעולם האבּ גיהאט, איז מיר דאָך אַלישׂ ניט אין גנגין,,, גה, 248. ״ס'איז מיר נישט אײַנגעגאַנגען די פֿרישע פֿלאָמען... וואָס דער בּעל־הבּית האָט מיך מיט זיי מכבּד געווען,,, שע, מעמtיות פֿאַר ייִד, קינדער I. ,,אין דער צײַט ווען איך האָבּ געקאָנט קריגן געלט איז מיר ניט אײַנגעגאַנגען עסן און טרינקען,,,

זלמן בּער וואלפֿטרובּ, הספּד אויף ד׳ אַדעמער קרבּנות, אַדעס l906. ,,[גאָט], נעם זי [מײַן תּפֿילה] אויף אין דײַן אויער אַ מינוט פֿאַרן טויט — און דער טויט וועט איר א',,, צײַט, 'שאָטנס אויפֿן שניי'. ״בּבֿא דעם גינג עשׂ אובּיל אײַן [= עס איז אים שלעכט אײַנגעגאַנגען, ער האָט געהאַט האַרצווייטיק], אים ווש לייד אום זײַן ליבּן הערן,,, בּבֿא־בּוך, 161.

16. דריטפּערזאָניק. אַדורכגיין בּשלום, אײַנגעבּן זיך. געלינגען. עס וועט (נישט) א,. די המצאה וועט א'. ״ער האָט גוט געוואוסט אַז אַלץ וואָס ער וועט טון וועט אים א', דען אויף אים איז קיין משפּט און קיין שופּט ניטאָ,,, ייִפֿאָל, l887 28, No. ,,פּנחס האָט געזען אַז עס איז אײַנגעגאַנגען, האָט ער ווידער... אַרויסגענומען פֿון קאַסע פֿינף פֿונט,,, מ. אחון, די צוויי שוועגער, ווילנע תּר,,ס. ,,וועסט לייזן

ערשט שפּעטער, באַם עס וועט מיר נישט א,
מײַן הסבּרה", ממוס, דאָס קליינע מע[טשעלע.
17. דריטפּערזאָניק. אָנקומען (צו באַנעמען,
צו פֿאַרשטיין). „איר איז דאָס לערנען ניט
גרינג אײַנגעגאַנגען„, רייד (פֿון אַ זקן). „אוג,
דרום דשׂ עשׂ משה [= משהן, דאַטיוו] שווער
אײַן גינג צו ור שטין דען שיעור פֿון דעם

אײַנגיין זיך

מולד, זא וואַר אימשׂ גאָט ווײַזן מיט דעם
וינגר", טח, שמות, יבֿ/ב, רשי.
אײַנגיין זיך — ← דפֿוו. אײַנטרעטן זיך,
--
ווערן באַקוועמער צו טראָגן אויף די פֿיס (וועגן
שיך אאַ). די שטיוול זײַנען (האָבּן) זיך
אײַנגעגאַנגען.
—עכ􏰀ן. ־עניש.
אײַנגייער — דער, ־ס. 1. ווער עס קומט

􏰀
-

אָפּט אַרײַן אין שטוב. יוצא ונכנס, הויזפֿרײַנד,
שטאַמגאַסט. „ער איז גאָר אַ נאָענטער א, בײַ
אונדז אין שטוב„. אַן א, אין שענק. „איר
קענט אַלע אײַערע הויזלײַט און א'ס זייער
גוט“, עט, סערקעלע. “מע זעט ניט קיין פּיס
פֿון פֿריִערדיקע א', באַקאַנטע, גוטע־פֿרײַנד,
גוט־יום־טובֿ־ביטער“, ממוס, שלמה. “זעקס יאָר
בין איך געווען כמעט אַ טאָגטעגלעכער א, אין
פּרצעס הויז“, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע
טעאַטער. „זינט ר'איז געוואָרן אַן א, אין מײַן
שטוב, איז ער געווען ווי צו אַ מכּה
צוצולייגן“, באש, גימפּל תּם.
2. חסיד, אָנהענגער. נאָענטער מענטש פֿון
אַן אָדם גדול. אַן א, בײַם רבין. אַן א, בײַם
פּריץ. אַן א, בײַם גובערנאַטאָר, בײַ
נאַטשאַלסטווע. “... האָט געהאַט די זכיה צו זײַן אַן
א, בײַם אורח־חיים“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן.
„דער קאַרלינער! איך בין דאָך בײַ אים אַן
א', אַ שטיק חשובֿ„, ממוס, אין אַ שטורם־צײַט.
“שמשים און א, לויפֿן צעמישט אַרײַן און
אַרויס“, ווײַס, ,מזל טובֿ'. “זיי זענען געווען
אַמאָל א, בײַ אַלטע גרעפֿינס אַלמנות“, ייִז, פּערל.

3. אַרײַנפֿאָרער, אַרײַנקומער פֿאַר אַלע א,

„ ·
אין דעם טויער פֿון זײַן שטאָט [באַי שער
עירו]“, תּי, בּראשית, כג, 10. ־ערײַ —
„ווי ווערט מען פּטור פֿון זײַן א'?“.
איינגייער יך — די, ־ס. ־קע, ־ס. 1. ווג

-

פֿאַר אײַנגייער, . דפֿוו. “אַן א, איז אַן
אויסבּרענגער, אַן א'קע איז אַן אַרויסטראָגערקע„, שוו
[אַן א, גיט מען כּיבוד, בּרענגט מען זיך אויס;
אַן א'קע דערציילט אויס די סודות פֿון שטוב,
פֿאַרפֿירט רכילותן]. “מײַן מאַמע איז געווען
בּײַ אײַער בּאָבע אַן אָפּטע א'ין“, שע, יאָסעלע
סאָלאָוויי. „ערשט נאָכדעם ווי אַסנע איז געוואָרן
אַן א'ין אין... הויז, איז זי שוין באַטראַכט
געוואָרן ווי זײַן כּלה„, חג, טמז 1963 31.
2. ספּעצ פֿאַרקויפֿערין וואָס קומט אָפּט און
בּרענגט איר סחורה אין שטוב אַרײַן. „
אַלערליי ייִדענעס, אַזוי־גערופֿענע א'קעס, וואָס האָבּן
אַרײַנגעבּרענגט פֿולע קוישן מיט עופֿות, מיט
מילכיקס, מיט פֿאַרשיידענע עסנוואַרגן און
אַנדערע לאָדזשער כּל־טובֿן“, ייִט, פּוילן II. “אַפֿילו

די א'קעס מיט די סעדעכעס לערנען אויך,,, ייִל, ניט טויט ניט לעבעדיג, ווילנע תּרנ"ח. "לאה די מילכיקערין איז דאָך עפּעס אַן א'ין אין הײַ.. זער,,, פּרץ, בילדער און סקיצן. ,,די קיך איז געווען פֿול מיט א'ינס, סטראַגיניאַרקעס און צוהעלפֿערינס", י. וואַרשאַווסקי, 'ר, יוסל מינץ'.

3. ייִדישע פֿרוי וואָס העלפֿט אין דער שטוב, אַרבעט ניט ווי אַ שטענדיקע דינסט, נאָר פֿון צײַט צו צײַט. ,,דען מיר האָבן דאַן געהאַט נור איינע א'קע (דאָס הייסט איינע אָרעמע

11()6

פֿרוי וואָס טראָגט אָן האָלץ, וואַסער, וואַשט די פּאָדלאָגע, שײַערט געפֿעס)", אמד. ,,מע ווייסט ניט וואָס פֿריִער, צי זאָל מען אַ קינד אַ שיכל קויפֿן, צי דעם מלמד שׂכר־לימוד געבן, צי דער א'ין פֿאַר דעם גרעט באַצאָלן", קאלמוס, זעלטענער ברית, דוואַרשע 1882.

איינגייעריש — אַדי. וואָס איז (האָט די טבֿע --

פֿון) אַן אײַנגייער(ין). ,,קיין קלאָרן חשבון האָבן נישט געוואוסט נישט די א'ע ייִדענעס און נישט ר, חיים־יעקלס ווײַב,,, ייִט, פּוילן II.

איינגילדן — טרוו. גילד אײַן, ~געגילדט. פּפֿ:
--
~גילטן. אויך: ~גאָלדן. 1. באַלייגד,
איבערציִען אָדער אַרומרעמלען מיט גאָלד. א,
דעם אײַנבונד פֿון ספֿר. 2. אײַנפֿאַרבן מיט
גאָלד־קאָליר. א, די בילדער־רעמען. 3.
אָפּגילטן. געבן אַ סך געלט. „מע זאָל מיך א', ווער
איך דאָס ניט טאָן (צו זיי ניט אַרײַנשמעקן)"..
איינגיסן — טרוו. גיס אײַן, ~געגאָסן. 1.

אַרײַנגיסן אין עפּעס. א, זופּ אין טעלער. א,
וואַסער אין טאָפּ. א, טיי פֿון סאַמאָוואַר. א,
צעלאָזענעם מעטאַל אין אַ פֿורעם. *א, גאָלד
(שמאַנט) אין האַלדז אַרײַן = שטאָפּן מיט
טײַערע מאכלים. „און דער בעל־הבית זאָל זעלבערט
אײַן גיסן צו בענשן איבר ווײַן דאז ניט פּגום
איז", לס1, זט/ב. „און, זיא גיסט אים דען
טרייאקס אײַן, עז גינג אים גלײַך איין אַז אין
איין פֿאַס ווײַן", ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686, נא/ב.
,
„ווען מן אײַן גיסט צו הבֿדלה גהער מן אַביסל
איבר צו גיסן. דאשׂ איז סימן ברכה", עח,
מט/ג. אײַנגיס־פֿ ו ר ע ם.
2. פֿאַרגיסן. אויפֿהייבן אַ פֿולן כוס ווײַן

און א, דעם טישטעך. א, דעם דיל מיט די פֿולע עמערס וואַסער.

3. אָפּגיסן. א, נעגלוואַסער. מיט אַ קענדל וואַסער אין האַנט א, די שפּיץ־פֿינגער. 4. אויפֿגיסן. א, די הענט פֿון די כּהנים פֿאַרן דוכנען.

5. באַגיסן. באַשפּריצן. א, די וואַזאָנעס, זיי זאָלן ניט אײַנדאַרן.

6. אײַנלעשן אַ פֿײַער. א, אַ שײַטער.

7. אײַנטיילן פֿליסיקייט אין חלקים. א, די זופּ אין גלײַכע פּאָרציעס. 8. אײַנשפּריצן. א, טראָפּנס אין די אויגן. 9. באַנעצן מיט השתּנה. א, דאָס בעטגעוואַנט.

מיט ז י ך — א, זיך אַ גלאָז טיי. א, זיך אין שלאָף.

־ונג. ־עכ□ן. ־עניש. —ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

□

איינגיסטיקן — טרוו. ־טיק אײַן, □־,

געגיפֿטיקט. 1. אײַנסמען. טיילווײַז פֿאַרסמען. א, דעם פּרינץ מיט קליינע דאָזעס סם□ א, די

אַטמאָספֿער מיט גיפֿטיקע גאַזן. 2. אײַנשמירן מיט סם. א אַ טיכל, שפּיז פֿײַל. 3. שאַפֿן

שאַרפֿע מחלוקתן, אויפֿהעצן. רעדן, שרײַבן זייער בייז. א, די גאַנצע סבֿיבֿה מיט שׂנאה.
א, יעדער וואָרט מיט סם־המות.
מיט ז י ך — א, זיך דעם מאָגן. ־ונג.
אײַנגלאַזירן — טרוו. ־זיר אײַן, ~ געגלאַזירט. דזוו אײַנגלייזן ←.
איינגלאָזן — טרוו. גלאָז אײַן, ~געגלאָזט.
--

אײַנגלידערן

1. אַרײַנשטעלן שויבן אין פֿענצטער־ראַמען, וויטרינעס אע. א, די טאָפּל־פֿענצטער אויף ווינטער. 2. באַדעקן מיט אַ שיכט וואָס זעט אויס ווי גלאָז. א, די לעקעכער מיט צעלאָזענעם צוקער. א, דעם פּאַרקעט. 3. אַרײַנשטעלן אין גלאָז. א, אַ בילד.
4. פֿיג. אײַנגליווערן. מאַכן אויסדרוקלאָז. „יאוש און גלײַכגילט האָבן אײַנגעגלאָזט זייערע פּנימער“. 5. פֿיג פֿאַרפֿרירן, באַדעקן מיט אײַז. „באַלד וועט דער פֿראָסט א, טײַך און

ריטשקע“. ־ונג.
איינגלאַטיקן — טרוו ־טיק איַין, ~
געגלאַ—
טיקט. 1. מאַכן (אַ ביסל) גלאַט(יק). א, אַ
צעקנייטשטן טישטעך, ליַילעך אע. 2.
איַינדריקן, איַינפּרעסן. מאַכן עס זאָל האָבן
וויניקער אַרויסהייבונגען. א, דעם שאָסיי. ־ונג.
איינגלאַנצן — טרוו. גלאַנץ איַין, ~
גע־
גלאַנצט. איַינשיַיערן, איַינפּוצן ס'זאָל
באַקומען אַ גלאַנציקן, שיַינענדיקן אויסזען. א, די
שיך, ס'זאָל פון זיי פּערלען. א, די מעשענע
קנעפּ, זיי זאָלן בלישטשען ווי גאָלד. א, די האָר
מיט פּאָמאַדע. ־ונג. ־עניש.
איַינגלאָצן זיך — אוטוו. גלאָץ זיך איַין, זיך
געגלאָצט. איַינקוקן זיך מיט שטאַרע אויגן
(בליקן). א, זיך אין עמעצן מיט צוויי
גלעזערנע אויגן.
איַינגלאָ'ש — אַדי, פּרעדיקאַטיוו, אינוואַריאַנט.
פּפ: אינגלאָ'ש. לאָקל, טשאָרטקעוו און
אומג', מג <? פאַרפלאַמט, צעהיצט. דער
חולה איז א, = ער האָט טעמפּעראַטור. ס'וויַיבל
איז א, = איר. צעהיצט, צעקאָכט. „דער
פירשטינס זויער פנים האָט אויפגעשיַינט, געוואָרן

א׳״, בּ. רעסלער, איק, ר״ה תּשי„ח.
איינגלויבּן זיך, איינגלויבּעניש —
- --
← אײַנגלייבּן זיך, אײַנגלייבּעניש.
איינגלוסטן זיך — אוטוו, דריטפּערזאָניק.
-
גלוסט זיך אײַן, זיך ~געגלוסט. (מיט שפּאָט) בּאַקומען חשק צו עפּעס. ס'האָט זיך אים אײַנגעגלוסט דאָס טעלערל פֿון הימל.
איינגליד — דאָס (דער), ־ער. דאָס וואָס האָט נאָר איין גליד. 1. אַלגעבּראַאישער אויסדרוק וואָס זײַן לעצטער אַקט איז ניט חיבּור אָדער חיסור. ״אַן אַלגעבּראַאישער אויסדרוק, אין וועלכן דער לעצטער אַקט לויט דער אָרדענונג איז כּפֿל, חילוק, דערהייבּן אין אַ מדרגה אָדער אַרויסציִען אַ וואָרצל הייסט א׳״, א. גאָלדשטיין, י. קאַרפּינאָוויטש איבּז [נ. שאַפּאָשניקאָוו און נ. ק. וואַלצאָוו], זאַמלונג פֿון אלגעבּראַיִשע אויפֿגאַבּעס I מינסק 1934.(a+1 — צווייגליד, אָבּער C (כ][a+) — איז א„.
2. פּשוטסטער בּעל־חיים, אינפֿוזאָריע, פּראָטאָזאָאַ(ן) וואָס פֿאַרמאָגט נאָר איין גליד.
־יק — אַדי. אַן א'יקער מאַטעמאַטישער אויסדרוק. א'יקע בּעלי־חיים.

אײַנגלידערן — טרוו ־ער אײַן, □ י.,
גענלי—
.
דערט. אײַנשליסן, אַרײַננעמען ווי אַ (מיט)־
גליד, טייל פֿון אַ גרופּע (קאָלעקטיוו,
אונטערנעמונג אע). א, אין אַ פֿאַראיין, קאָאָפּעראַטיוו
אע. „אַ קאָמיסיע... איר אויפֿגאַבע איז געווען

אײַנגליווערן

אײַנצוגלידערן יוגנטלעכע... אין
ווירטשאַפֿטלעכן לעבן“, ישעיה טרונק, לאָדזשער געטאָ.
„א, די שטיקאַרבעט אין אַלע אַרבעטן פֿון די
קאָלעקטיוון“, א. קאַנטאָר איבז, וו. קאַרפּינסקי,
שמועסן וועגן לעניניזם, מאָסקווע 1934. „די
גאַנצע עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע... אירע
אָנספּקדיקע דערגרייכונגען זאָלן קענען
אײַנגעגלידערט ווערן אין דער פֿאָרשונג פֿון
קולטור“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. „ווינקל
מיך אײַן, נעם מיך אויף ווי אַ קרישל זאַמד,
גלידער מיך אײַן אין דײַנע שטיינגעוועבן“, א.
שומיאַטשער, גק, No 41.
מיט ז י ך — „זיך אַליין א, אין דעם
אַלגעמיינעם ראַם פֿון דעם וואָס עס עקסיסטירט און
געשעט“, גרינ, מענטשן און ווערטן.

־ונג — „מאַכט די ייִדישע אַגענטור די...
פּראָדוקטיווסטע א, (קליטה) פֿון נײַע עולים„,
מ רי▯לין, טמז, 21 1964 X.
איינגליווערן — ־ער אײַן, ~געגליווערט.
־.
טרוו — דערבּרענגען אַז אַ (געדיכטע)
פֿליסיקייט זאָל איבּערגיין אין אַ (האַלבּ־)סאָלידן
צושטאַנד. א, פּוטער, שמאַלץ. א, פּעטשאַ. א,
זשעלע'. א, צעשמאָלצענעם מעטאַל.
אוטוו — 1 פֿאַרלירן אייגנשאַפֿט פֿון
פֿלי.
סיקייט פֿון בּאַוועגיקייט פֿון נאָרמאַלן
פֿונק, ,
ציאָנירן. הענט און פֿיס גליווערן אײַן פֿונעם
בּײַסיקן פֿראָסט פֿון שרעק גליווערט דאָס
.
בּלוט אײַן אין די אָדערן. „שטיבּלעך ליימיקע,
פֿאַרגעלטע, גליווערן דאָ אײַן“, משה קנאַפּהייס,
אילוסטר, ליטער, בּלעטער, 112▯110 No.
2. שטיל ווערן, אַנטשטומט ווערן. ווערן
געפּלעפֿט. א, ווי אַ שטיק זאַלץ. א, פֿון די
טראַגישע איבּערלעבּונגען און פֿאַרלירן יעדן
אינטערעס צום אַרום. 3. אויפֿהערן זיך צו
אַנטוויקלען. „זײַן טאַלאַנט האָט גענומען א',,,

מ. דלוזשנאָווסקי, פּאָר, 1966 X 14.
מיט ז י ך — „זע צי דער דעזע'רט האָט זיך שוין אײַנגעגליווערט“, רייד (נ„י).
איינגליטשן — טרוו. גליטש אײַן, ~ גע־
גליטשט. 1. מאַכן גליטשיק. א, דאָס פֿאַרשנייטע בערגל. א, דעם באַרג־אַראָפּ. 2. לערנען עמעצן זיך גליטשן. פֿירן, גליטשן עמעצן איבער אַ גליטש. א, דאָס קליינוואַרג אויף אַ פֿרישן גליטש. “איך האָב אײַך אײַנגעגליטשט, איצט גליטשט זיך אַליין“. 3. אײַנפֿאָרן אויף אַ גליטש. א, דאָס נײַע שליטעלע.
איינגליטשן זיך — ← דפֿוו. 1. באַוועגן --
זיך איבער אַ גליטשיק אָרט און אומפֿאַלן. גיין איבער אײַז, נאַסער פּאָדלאָגע און א, זיך. אויך פֿיג. א, זיך ב׳ אַ דיפּלאָמאַטישן ענטפֿער.
2. ווערן גליטשיק(ער). דער פֿאַרפֿרוירענער סטאַוו האָט זיך אײַנגעגליטשט און געוואָרן גלאַט ווי אַ שפּיגל. 3. אַרײַנגליטשן זיך, אַרײַנקומען אויף גליטשערס אָדער דורך גליטשן זיך. א, זיך פֿון גאַס אין הויף אַרײַן.
4. אַרײַנקומען אומבאַמערקטערהייט. א, זיך

אין שטובֿ, קיינער זאָל ניט באַמערקן. 5.
אַרײַנקריגן זיך דורך חניפֿה, שמד־שטיק. א, זיך
צווישן דער עליטע און ווערן אַ גאַנצער
מאַכער. 6. געווינען עמעצנס צוטרוי, ליבשאַפֿט

11()7

אָן אָנשטרענגונג. א, זיך בײַם נגידס טאָכטער
אין האַרצן. 7. אָנהייבן אויפֿצופֿירן זיך
ניטאָנשטענדיק. א, זיך און אַרומשלעפֿן זיך מיט
פֿאַרדעכטיקע פּאַרשוינען. „מע זאָגט אויף איר
אַז זי האָט זיך אײַנגעגליטשט" — איידעלער
ווי: זי איז אַ געפֿאַלענע.
אײַנגלייבן זיך — אוטוו. גלייבֿ זיך אײַן,
זיך ~געגלייבֿט. 1. באַקומען אמונה אין
עמעצן. א, זיך ווי אין גאָט אַליין. א,
זיך ווי אין דער תּורה. איר, א, זיך (אין עמעצן)
ווי אין גויאישן גאָט. א, זיך אין אַ דאָקטער.
"און די מענער פֿון שכם האָבן זיך
אײַנגעגלייבט אין אים", תּ', שופֿטים, ט, 26. „מיר
זעען אָפֿט אַז נאַבאָזשנע [פֿרומע] גלייבן זיך
אײַן אין אַ רײַכן מאַן [וואָס] איז ניט פֿרום און
קאָן ניט לערנען", מ. בֿ. זאַבּיעזענסקי, די
שווערע צײַט II, וואַרשע 1887. 2. באַקומען אמונה

אין עפּעס (וואָס איז עס ניט ווערט). א, זיך
אין כּלערליי סגולות. א, זיך אין באַבּסקע
רפֿואות. “וואו האָט איר דאָס געזען אַז דאָס
זאָל שטיין ערגעץ געשריבּן, וואָס איר האָט
זיך אײַנגעגלייבּט אַז אַ חופּה [אויפֿן בית־עולם]
וועט העלפֿן”, ש. בּעקערמאַן, טרײַער משרת,
וואַרשע תּרמ,,ג. 3. אײַנרעדן זיך. א, זיך אַז
מען איז דאָס אייבּערשטע פֿון שטייסל. “קיין
לייענער וואָלט זיך ניט געלאָזט א, אַזעלכע
חלום־רייד”, יג, איק, 17 II 1956.
אײַנגלייבּעכץ — דאָס, ־ן. דזוו
אײַנגלייבּעניש, נאָר מיט מער בּיטול. אַ נאַריש א, פֿון
פּרימיטיווע מענטשן.
אײַנגלייבּעניש—דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנגלייבּן זיך. דאָס אין
וואָס מע גלייבּט זיך אײַן. א, אין שדים,
כּישוףמאַכערינס, שרעטעלעך. ,,אין קיין שום צווײַג
פֿון דער מעדיצינישער וויסנשאַפֿט טרעפֿן מיר
ניט אַזאַ גרויסע צאָל פּאָראורטיילן, א'ן און
זאבּאבּאָנעס ווי אויפֿן געביט פֿון פּעד אַטריע,,,
- - ,
פֿגעז, ווילנע 8 1940, No. ,,דער אינטערעס
צום חלום האָט... אַראָפּגענידערט בּיז א',,,
מוו איבּז, פּסיכאָאַנאַליז.... 2. אײַנרעדעניש.

אָפּדאַכטעניש. אַן א, אין די אייגענע כוחות.
,,ס'איז אַ דמיון, אַן א', נישט קיין מעשׂי־
ידיאָדם‘‘, בּ האַגער, זבּ, שטריק, פּאַבּר, פּאָראיין,
בּ,,א 1961. ,,האָבּן אַרײַנגעפּירט אין טעות, א,
און ווידערשפּעניקייט‘‘, ייִבּל 2 ,III X.
איינגלייבּעריי — דאָס, ־ען. נעאָל. דזוו
-. --
אײַנגלייבּעכץ, אײַנגלייבּעניש. ,,[רבֿקה
טיקטינערס] מוסר־רייד זײַנען אויך געווענדט
דערעיקר צו פֿרויען; אַגבֿ וואָרנט זי זיי קעגן א‘‘,
זק איבּז, שד 295 , I.
אײַנגלייבּעריש — אַדי. נעאָל. וואָס איז
גענייגט זיך אײַנצוגלייבּן, וואָס רופֿט אַרויס אַן
אײַנגלייבּעניש. ‘‘די א'ע עלעמענטן פֿון
וועלטבּאַנעם‘‘, ליבּמאן הערש.
איינגלייבּערן זיך — נעאָל. דזוו אײַנגלייבּן
--
זיך (מיט אַ פּרוּוו צו מאַכן עס עמפּאַטישער).
,,כ'וועל זיך א, אין דעם שטויבּעלע וואונדער‘‘,
יג, דעס טאַטנס שאָטן.
איינגלייזן — טרוו. גלייז אײַן, ~געגלייזט.
-

אײַנגלעטן

1. אײַנגלאָזן. א, די פֿענצטער אויף ווינטער.
2. אײַנשמירן מיט גלאַזור און אײַנבּרענען. א, ערדענע טעפּ. מיט ז י ך — א, זיך אין (אויף) עמעצן = לאַנג קוקן מיט אַ שטאַרן בּליק.
־עניש.

אײַנגלייטן — טרוו. גלייט אײַן, ~געגלייט.
דזוו אײַנגלייזן, בּ2. א, ליימענע שיסעלעך.

אײַנגלײַכן — טרוו. גלײַך אײַן, ~געגלײַכט (~געגליכן). 1. מאַכן גלײַכער, ווייניקער אויסגעקרימט. א, די צעבּויגענע צווײַגלעך. א, דאָס יונגע בּיימעלע. א, אַ ראַנד פֿון קלייד.
2. מאַכן גלײַך מיט דער הילף פֿון אַ מכשיר.
א, די מעטאַלענע שטאַבּעס. א, די ציינער פֿון אַ מאַשין־ראָד. 3. מאַכן גלאַטער פֿאַרשיטן
.
די גריבּלעך, אַראָפּשנײַדן די בּערגלדיקע ערטער און א, דעם וועג.
4. צום טייל אויסגלײַכן. א, די שׂכירות, עס זאָל ניט זײַן קיין צו גרויסער אונטערשייד צווישן די געהאַלטן. א, בּיידע צדדים, קומען צו אַ פּשרה. א, די חלקים וואָס יעדערער קריגט. 5. צוגלײַכן. מאַכן אַ פֿאַרגלײַך. א, קלאָץ צו בּוידעם.

6. (מאַט) מאַכן אַז צוויי פֿאַרשיידענע מאַטעמאַטישע פֿאָרמלען אָדער אויסדרוקן בכלל זאָלן ווערן צום טייל ענלעך. אויסדריקן אַלץ אין קאָסינוסן און א, די פֿאָרמל.

מיט ז י ך — "דער עלטערער זון האָט געקענט אַ סך מער, אָבער דערנאָך האָט דער ייִנגערער זיך אײַנגעגליכן מיט אים,,.

־ונג. ־עניש. ־ער — אויך: אַפּאַראַט וואָס גלײַכט אײַן.

איינגל ען — גלי אײַן, ~געגליט. טרוו —
-

1. אײַנהיצן ביזן גליִען. א, אַ שטיק אײַזן צום שמידן. א אַ פֿאַן בײַם כשרן אויף פּסח. א,

,

שטיינער צום כשרן. 2. שטאַרק אָנהייצן. א, דעם אויוון, אַז מע זאָל צעפּרעגלט ווערן אין שטוב. 3. אײַנברענען סימנים (אותיות אע) אויף דער פֿעל אע בײַ בהמות (בײַ אָקסנהענדלער, מיליטער אע). א, דעם נומער פֿון עסקאַדראָן אויפֿן הינטן פֿון די פֿערד. 4. אָנהעצן. א, די יוגנט. א, די אַטמאָספֿער.

אוטוו — באַקומען אַ הויכע טעמפּעראַטור בעת אַ קראַנקייט. זיך פֿאַרקילן און א, ווי אויף פּאָקן.

מיט ז י ך — א, זיך אין עמעצנס האַרצן. "דער ווייטיק האָט זיך אײַנגעגליט אין מײַן נשמה". ־אונג. ־עניש.

אײַנגליקן — גליק אײַן, ~געגליקט. טרוו —

-

באַגליקן, אַרײַנבּרענגען אין צושטאַנד פֿון גליק. "גליק מיך ניט אײַן, איך דאַרף ניט דײַנע טובֿות". אוטוו, אומפּ — אָפּגליקן. האָבּן הצלחה, מזל, גליק. "דו מיינסט אַז דאָס איז געווען זײַן חכמה? עס האָט אים פּשוט אײַנגעגליקט".

אײַנגלעזן — דזוו אײַנגלאָזן, אײַנגלייזן.

אײַנגלעטיקן — ← אײַנגלאַטיקן.

אײַנגלעטן — טרוו. גלעט אײַן, ~געגלעט.

-

1. מאַכן גלאַט אָדער גלאַטער. א, די פּוטער אין דער מאַסלעניצע. א, די וואַפּנע אויף דער

אײַנגנכענען

וואַנט. 2. בּרענגען אין פֿולער אָרדענונג. א, דאָס בּעטגעוואַנט, ס'זאָל זינגען פֿיג. אײַנבּע.

סערן. א, דעם סטיל. 3. אײַנלייגן, אײַנבאַרשטן. א, די האָר מיט וואַסער, מיט אַ נעץ (סעטקע). א, די באָרד מיט דער האַנט, מיט אַ קעמל. 4. אײַנפּרעסן. א, די שפּיצן פֿון אַ קאָלנער. 5. אײַנרואיקן, אײַנשטילן. א, אַ מחלוקה, אַ סכסוך. א, יענעמס כּעס. 6. אײַנצערטלען, פֿירן מיט די שפּיץ פֿינגער אָדער מיט דער האַנט איבער עמעצן. א, אַ געליבטן. א, דעם קינדס קעפּעלע.

מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.

□ ־

אײַנגנבֿענען — [... גאַנוועגען] טרוו. גנבֿע אײַן, □ ,געגנבֿעט. אַרײַנקריגן דורך גניבֿות. א, זילבערוואַרג. מיט ז י ך — אַרײַנגנבֿענען זיך. אָפּטאָן עפּעס בשתיקה אַזוינס וואָס ס'פּאַסט (לוינט) זיך ניט צו טאָן אָפֿענערהייט. א, זיך צום ח□רס ווײַב.

אײַנגנידען זיך — אוטוו. ־דע זיך אײַן, זיך ~געגנידעט. אײַנעסן זיך אין עפּעס ווי אַ גניד(ע). א, זיך ווי אַ לויז. דער טרויער גנידעט זיך אײַן אין האַרץ. ״באַזײַטיקן די

שווינדלערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי טיף
אײַנגעגנידעט אין דער... אינדוסטריע", פֿ.
קאָנסטאַן פֿאַש, 15 X 1967.

איינגס — ← אַנגסט. ,,... האָט אים דערציילט
־

די אײַנגסין וואָס ער האָט פֿון זײַן זון וואָס
ניט צו דערציילן,,, שבֿחי בעש"ט.
איינגע־ — די ווערטער וואָס מע
גע ־
פֿינט ניט מיט איינגע... ← איינ +
־ ־

דעם ערשטן אות פֿון שטאַם.
אײַנגעאָדערט — אַדי, פֿאַר אײַנאָדערן ←.
,,די אײַזנס וואָס האָבן אין דרערד א, געדרימלט,,,
סעג, קאַפּריזן. ־קייט.
אײַנגעאיבֿט — אַדי, פֿאַר אײַנאיבֿן (זיך) ←.
,,... האָכן פֿאַרזאָגט, דער מענטש זאָל ניט
זײַן א, מיט געלעכטער און מיט טרויערקייט,,,
י. ל. יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל,,ו.
־קייט.
איינגעאייגלט — אַדי, פֿאַר אײַנאייגלען ←.
־־

אַן א, צוויַיגעלע ־קייט.

איינגעאייגנט — אַדי, פֿאַר אײַנאייגענען ←.

א'ע פֿאַרמעגנס ־קייט.

איינגעאיילט — אַדי, פֿאַר אײַנאיילן ←.

א'ע מאַשין. ־ערהייט.

אײַנגעאימסט — אַדי, פֿאַר אײַנאימפֿן ←.
א'ע קינדער.
איינגעאַנקערט — אַדי, פֿאַר אײַנאַנקערן ←.

א'ע שיפֿן. „בּראשית פֿאָלק ישׂראל, פֿון א„י,
איז א, אין בּראשית פֿון וועלטבּאַשאַף פֿון
בּרי,

את־העולם„, דר, ה. ז. דמאַן, טמז, 17 1965 X.
־ערהייט. ־קייט.
איינגעאַרבּעט — אַדי, פֿאַר אײַנאַרבּעטן

(זיך) ←. „אַ שפּאָגלנײַע מאַשין אַרבּעט פֿיל

מאָל ערגער ווי אַן א'ע מאַשין,,, דר, אַבּ.
קאַספּע פֿיזיק, נ,,י 1916. ,,וואָס קען זײַן נאָך

,

א'ער ווי אַ רבּישער הויף,,, יג, תּוך I. ־
ערהייט. ־קייט.

11()3

אײַנגעאָרדנט — אַדי, פּאַר אײַנאָרדענען

-

(זיך) .. [אמד פֿאַרטײַטשט אין 1878 א,
מיט: אײַנגעפּאַראָנדזעט, דער אונצײַטיגער בּ
גזוך]. א'ער אָפּטייל אין שפּיטאָל. א'ע וואוינונג.
"די שול איז א, ריבטיק כּדת וכּהלכה", שמו
פּלאי, ספֿר האמת והשלוס, לעמבּערג 1893.
־ערהייט. ־קייט — אַ נײַע א'.
איינגעבּאַבּלט — אַדי, פּאַר אײַנבּאַבּלען
--
(זיך) ←. ליגן אַן א'ער און שלאָפֿן. ,,מיר
זײַנען געלעגן פֿאַרקלעמטע, א, אין

בעטגעוואַנט", באַש, אין טאַטנס בית־דין־שטוב. „
צומאָרגנס האָט מען זי געטראָפֿן זיצן אַן א'ע
אין איר גרויער שאַל", י. קייטעלמאַן, ־אָר,
18 1959 I. "אַ יִנגעלע איז געוואָרן דרײַ יאָר,
האָט מען עס אין אַ דינסטיק באַלד נאָכן
געבוירנטאָג אײַנגעוויקלט אין אַ טלית, א, איבערן
קאָפּ... געטראָגן אין חדר אַרײַן„, ייִפּאַ,
וואַרשע 1938, 8 ־קייט.

.

איינגעבאָטן — אַדי, פּאַר אײַנבאָטן ←.

-

פֿון א, ביז אײַנבאַצאָלט איז אַ מהלך רבֿ„.

„

—ערהייט.

איינגעבאַקן — אַדי, פּאַר אײַנבאַקן ←. אַ

--

הערינג, אַן א'ענער אין אַ באָנדע. א, ב ר ו י ט
— גוט אויסגעבאַקן. *אַן א'ענער = אַן עקשן.
*ער (זי) איז א, אין האַרצן = מע האָט שטאַרק
ליב. אויך אַ זאַך, אַ פֿירונג, אַן אָרט אָדער אַן
אידיי(ע) קענען זײַן א, אין האַרצן = מע קען
בשום־אופֿן זיך ניט אָפּזאָגן פֿון זיי. „דו ביסט
אַזוי אין מײַנעם הערצן א, געוואָרן, דאָס צײַגט
אויס דאָס מיר ביידע אַ זיווג זענען", א. פּאַוויר,

גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תקצ,,ח. ,,אינעווייניק אין
האַרצן ביסטו מיר א,, האָב איך דיך אַזוי ליב
ווי מיך אַליין,,, עט, סערקעלע. ,,דאָס
הויזגעזינד איז ב אַ ייִדן דאָס גאַנצע לעבן, טיף
י
א, אין האַרצן,,, ממוס, ווינטשפֿ. ־ערהייט.
־קייט.
אײַנגעבאָרן — אַדי. לד. ← אײַנגעבוירן.
1. וואָס קומט צוזאַמען מיטן געבאָרן ווערן.
וואָס איז פֿון געבאָרן ווערן אָן. מיט ז ײַ ן
אָדער ו ו ע ר ן — צזוו. אַן א'ענער דראַנג.
די אידייע פֿון א'ענער זינד. ,,שרעק [פֿאַרן
טויט] וואָס איז געווען אײַנגעבאָרן אין זײַן
האַרצן,,, ב. גאָרין, דיא מזיקים..., נ,,י 1900.
,,עס איז אַן א'ענע אידייע בײַ מענטשן אַז
יעדע ווירקונג מוז האָבן איר אורזאַך, יעדע
פֿעולה איר סיבה,,, דר, י. וויערניקאָווסקי,
אמונת י)ראָל..., נ,,י 1905.
2. וואָס געהערט צו די ערשטע
אײַנוואוינערס פֿון אַ לאַנד. די נײַ אָנגעקומענע באַהערשן
-

די א'ענע. ,,דערציאונג פֿון די א'ענע צו

זעלבשטענדיקייט“, זשיט II , נ,,י 1917.
־ערהייט — דאָס איז שוין פֿון א, אָן.
־קייט.
איינגעבויגן — אַדי, פֿאַר אײַנבייגן (זיך) ←.
־

שטיין א,. זיצט א, איבער אַ ספֿר. אַן א'ענער
פֿון צער פֿון בושה. *מיט אַן א'ענעם רוקן =
,
הכנעהדיק, אונטערטעניק. אין צווייען א,
אונטער אַ משׂא. א, אין דרײַען פֿאַר אַ פֿריץ,
אַ מוֹשל פֿפֿ: א, ווי אַ הויקער, ווי אַ האָרבאַטש,
.

אײַנגעביטן

וו אַ ווערבע, ווי צו ברכו; א, ווי דער דלות,
י
ווי אַן אַלטער בעטלער, אַן אַלטע באַבעצע, אַן
אָרעמער ברודער; א, ווי אונטער דער רוט, ווי
צו קאַסטראָי', ווי אונטער אַ שווערן יאָך, ווי
אַן אָקס אין יאָך (אין אַרמאָ,); א, ווי אַ
פֿאַרי

דאַרט צוויַיגל, אַ פּרוטיע, אַ כליסטיק, וו אַ
י

ביימל אין ווינט (שטורעמווינט), ווי אַ
הושענארבה־ביימל; א, ווי (דער חזן) ביַים פּאַלן
כּורעים, ווי צו מודים דרבנן; ווי אַ (דעם) לולבֿ ביַי
די נענועים, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא. א,
ווי די קאָטשערע, ווי דער קרוק, ווי אַ
האַטשיקל.

„אויף אַן א'ענעם בוים שפּרינגען אַלע ציגן"
שוו. „מע זאָל זיך ניט שטעלן דאַוועגען נאָו
מתוך כּובֿד־ראָש, א, דעם קאָפּ מחמת גרויס
בושה", פּוקח־עוורים, שקלאָוו 1832, אות בג.
„וואָס ווייניקער די פֿלאַך איז א', איז זי אַלץ
נענטער צו דער ריכטונג פֿון דער
האָריזאָנטאַלער פֿלאַך„, דר, אַבֿ. קאַספּע, פֿיזיק, נ"י
1916.
„גייען מענטשן, גייען א'ענע, שלעפּן זיך מיט
קינדער ניט־געזויגענע", הל, 'איבער וועגן'.
„וואָס מער מענטש מיר ווערן, אַלץ מער גליַיכט
זיך אויס אין אונדז אונדזער א'ענער רוקן",
זשיט II, נ„י 1912.
־ערהייט — „א, מיט גרויס הכנעה טאַנצן

זיי,,, אַבֿרהם רעכטמאַן, ייִבֿל XI ▯ II ־קייט —

.

,,זײַן אונטערטעניקייט צו גאָט און זײַן
נידעריקייט און זײַן א, פֿאַר גאָט", חה, ב, 98.
איינגעבֿויערט — אַדי, פֿאַר אײַנבֿויערן ←.
-

צערן, א'ע אין האַרצן. "ווי איך וואָלט געלעגן
א, אין אַ שטיק אײַז", חג, טמז, 8 1968 III.
אײַנגעבֿוירן — אַדי. פֿד, אוקר. ←
אײַנגעבֿאָרן. מער פֿאַרשפּרייט אין ליטרש. אַן א'ענע
אייגנשאַפֿט. א'ענע מידות. א'ענע אינטעליגענץ.
אַן א'ענע צניעות. דער שוואַרצער א'ענער אין
דעם לאַנד. ־קייט.
אײַנגעבֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנגעבֿן. אַן א, פֿון מעדיצין
איבֿערגוואַלד.
אײַנגעבֿונדן — אַדי, פֿאַר אײַנבֿינדן ←. פּפֿ:
▯,געבֿונען, פּר, גאַליציע. ,,און, עשׂ זאָל
זײַן דער לײַבֿ פֿון מײַנים הערן אײַן גיבֿונדן
אין בֿונט דען לעבֿינדיגן מיט גאָט דײַן האַר",
סהמ, שמואל א, כה, 29. ,,ווערט זאָגן אַ סימן
אין וואָס דאָס געלט איז א',,, שהמ, טז/ב. ,,גיי
איך אַרויס און טראָג מײַן האַרץ מיט זיך ווי

אַ קאַץ אַן א יִנגעבונענע אין זאַק,,, רחל קאָרן,
'דאָרף'. ־ערהייט. —קייט.
איינגעבוקט — אַדי, פּאַר איַנבוקן (זיך) ←.
־

גיין א'. ,,זייַן גאַנג זאָל זייַן מיט (הכנעה),
דעם קאָפּף א', די אויגן צו די ערד“, עח, יח/ד.
,,... ווען ער גיט אונטר איין אַלטי מויאר
דיא איַין גבוקט איז אום אין צו פֿאַלן,,, מהמ,
אַמשט 1722, צו/א. “דער אַלטיטשקער איז שוין
געווען שטאַרק איַנגעבויגן, א'“, ייִפֿאָל, 1885,
No 13. ,,... דרײַ וויַיבער זיצן איַנגעביקט,
איינע פֿעדערן פֿליקט,,, פּרץ, לידער און
פּאָעמען.
איַנגעביטן — אַדי, פּאַר איַנבייַטן ←. אַן

איַנגעבייגט

א'ענער הונדערטער. ,,אַן א, רענדל גייט גיך
אַוועק“, שוו ־ערהייט.
.
איַנגעבייגט — אַדי, פּאַר איַנבייגן ←. אַ
סך זעלטענער ווי איַנגעבויגן (←). ,,דער פֿון
קלוגשאַפּט א'ער מאַן“, בראָד, גש.
איינגעביינערט — אַדי, פּאַר ,איַנביינערן'.

--

נעאָל. וואָס איז אַרײַן אַזוי ווי אַ בײן, געוואָרן ווי בײן. „דאָס אויג — אַ קופּערשלאַנג, דער זאַמד — אין גוף א'“, מ. חסיד, איק, פּסח תּש□נ״ח.

אײַנגעבּיכערט — אַדי, פּאַר 'אײַנבּיכערן'.

נעאָל. וואָס איז שוין אַרײַן אין בּיכער, וואָס האָט שוין מיט זײַנע בּיכער געוואונען אַן אָרט אין דער ליטעראַטור. „אין דער העבּרעאישער פּאָעזיע איז ער שוין אײַנגעבּירגערט און א',,, לע, טמז, 20 6□19 XI.

אײַנגעבּילדעט — אַדי, פּאַר אײַנבּילדן (זיך) ←. דטשמ, אָפּט געניצט. 1. וואָס מע האָט זיך אײַנגערעדט, זיך אײַנגעשמועסט. וואָס איז בּלויז פֿאַראַן אין דער פֿאַנטאַזיע, נישט אויף אַן אמת. אַן א'ע קרענק, אַן א'ער קראַנקער. זײַן מאַניאַקיש א,.

2. וואָס איז מיט אַ פֿאָראורטייל, מיט אַ פֿאָרויסיקן בּאַשלוס, אָן אַרײַנטראַכטן זיך. א'ע געדאַנקען, אידייען. „קאָנסערוואַטיווע מענטשן, א, אין אַלטע געדאַנקען, אַלטע מנהגים“, בּ. בּעקערמאַנן, זבּ, דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895. ־קייט.

אײַנגעבּיסן — אַדי, פּאַר אײַנבּײַסן ←. אַן

א'ענער עפּל. *אַן א'ענער (מענטש) = אַ
פֿאַרבּיסענער פֿאַרעקשנטער. „איינעם... וועט ער

,

אויסגעפֿינען, מיט רויטע אויגן און מיט ליפּן
א'„ יהואָש, 'אונטער זיבן זיגלען,. „א, מיט
די ציין אין טיגערס האַלדז, שלײַדערט זיך...
דער מלך“, הל 'דאָס קראַנקע צימער,.
איינגעבּירגערט — אַדי, פֿאַר אײַנבּירגערן
--
(זיך) ←. אַן א'ער, אַ תּושבֿ. לעבּן אין אַן
א'ן דלות. א'ע ווערטער אין ייִדיש. „קוים פֿילן
זיי זיך זיכער און ווערן א', זאָגן בּאַלד עדות
בּאַשטימטע געפֿײַדן אויף זייערע מעלות,', קמ,
No'1865 39. „איך פֿיל זיך שוין אַ בּאַזעסענער,
אַן א'ער אין דעם שבּת„, ווײַס II, 'דער
איבּערגאַנג'. „זי איז [אין שטעטל] אַן א'ע משוגענע„,
זש, נח פּאַנדרע. ־קייט.
איינגעבּליבּן — אַדי, פֿאַר אײַנבּלײַבּן ←.
--
„אַן א'ענער גאַסט פֿאַלט תּמיד צו לאַסט„, שוו.
־ערהייט.
איינגעבּלענדט — אַדי, פֿאַר אײַנבּלענדן ←.
--
א'ער שניי. “אונטער אײַז, א, אין פּאָספֿאָרנע

קרישטאָלן, פֿיבערט דער אירטיש,,, סוצ, '
אָוונטבּרויט,.
איַנגעבּן — טרוו. גיבֿ [אַנדערע פֿאָרמען ←
אויסגעבּן] איַן, ֽ.־,געגעבּן. 1. אַרכ.
אַוועקגעבּן, שענקען. "דאשׂ [דעם האַרבּעריק] האָט
דוד המלך אים איַן גיגעבּן, דא ער וואַר גיקומן
פֿון דער מלחמת אַבֿשלום", שעריר, מא, 17.
"דא וואַר זיא מצורע, דא גאבֿ מן איר איין
הויז איין צו רום [= אין רוים] אויף דען מאַרק,
דען עשׂ וואַר דער סדר... דשׂ מן דיא

מצו9()11

רעים איטליכם איין הויז איין גאבֿ", מבֿ,
מעשׂה נט. ,,האבֿ איך [די לומדי־תּורה] איַין
געבֿין איין גרושֿין שטאָק אין מיַין אייגן הויז
מיט פֿיל שטובֿין,,, כּ"י 'מגילת איבֿה,, 1703.
2. מנדבֿ זיַין און איבֿערגעבּן מיט אַ
בּאַשטימטער צערעמאָניע. א אַ ספֿר־תּורה (אַ
היילי,
קייט, אַ רייניקייט) אין שול (בּית־מדרש). ,,אַ
יאָר ציַיט האָבּן די וויַיבּער אויסגענייט דעם
פּרוכת און שבֿועות אים איַינגעגעבּן אין שול,,,
רייד (ליטע).

3. איבערגעבן דורכצופֿירן עפּעס און דערבײַ מכבד זײַן. א, דעם רבֿ סנדקאות. א, דעם נדבֿן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער בײַם חנוכּת־הבית.

און דער וואָס מען גיט אײַן צו בענטשן, זאָל דעם כּוס אַנטפֿאַנגען מיט ביידע הענט", לט2, נג/ב.

4. געבן אויף צו היטן. א, סחורה אין אַ לאַגער. א, די צירונג צו פֿאַרשליסן אין ײַערקאַסע. „(בידך אַפֿקיד רוחי) דאָשׂ איז טײַטש: אין דײַנר הנט גיב איך אײַן איין (פּקדון) מײַני נשמה", לט1, ו/א.

5. אַרײַנגיסן, אַרײַנשיטן עפּעס (אין אַ שפּײַז, אַ געטראַנק) און צוטראָגן צו נעמען, געבן אַראָפּצושלינגען. א, אַ ר פֿ י א ה , א, ס ם. א, פּ י ז ע ם. א, אַ שלאָפֿגעטראַנק. א, טראָפּנווײַז. *אויפֿהאַקן די ציין און א, אַ רפֿואה = אויך: איבערגוואַלד טאָן עמעצן גוטס. *פֿאַרמישן מיט צוקער (אײַנגעמאַכטס) און א, דעם ביטערן פּראָשיק = אויך: ווי ניט איז פֿאַרזיסן, ווען מע זאָגט אָן אָדער מע טוט עמעצן עפּעס וואָס איז ביז גאָר אומאָנגענעם, שלעכט. *א, ב ו י מ ל = ווייכער, גלאַטער מאַכן אַן ענין; באַרואיקן. „זאָג אים אַ פּאָר גוטע ווערטער, גיב אים אײַן בוימל". *א,

ר י צ נ א י י ל = זאָגן אָדער טאָן עמעצן אַזוינס וואָס רופֿט אַרויס ווידערווילן, עקל. *א אַ

מ י ט ל — אָננעמען אַ (קונציקן) מיטל עפּעס דורכצופֿירן, צו דערגרייכן.
פֿר דשׂ קדחת רבֿיעית. נים איין בֿיין פֿון

איינם פּגר און, שטוש עשׂ וואַל צו פּולבֿר און, גיבֿ עשׂ דעם קרנקן איין", כ"י, 'ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. „גיט אים ◌ים של גרוגרת דורך איין רעריל אין מויל... ווי ער האָט אים דאשׂ איין גיגעבֿין, דא קומט אויף אים איין שווייס אויף זיין פּנים", נצ1, מה/ד. „ער זאָל דער מויד אַזוינס א', זי זאָל דאַרפֿן מפּיל זיין„, יפּ. „ער האָט אים איינגעגעבֿן אַזאַ מין קריטעכץ אַזעלכס", ממוס, שלמה. „די מאַמע פֿלעגט זיי א אַלע ראָש־חודש ווערעמקרויט

מיט האָניק", שע פֿונעם יאַריד I.

6. משפּיע זיין אויף עמעצן (אַזוי ווי דורך איינגעבֿן אַ גייסטיקע רפֿואה), יענער זאָל טראַכטן אָדער איבֿערלעבֿן אַזוינס וואָס איז אים געווען פֿרעמד. א אַ געדאַנק, אַ מחשבֿה.

,
א אַ נײַע אידיי(ע). א, פֿאַרשטאַנד, א, שׂ ב ל.

,
א, חשק צום לערנען. א, אַ געפֿיל פֿאַר
שיינקייט. א, ה אַ ר ץ , מוט. ,,דער זעלבּי וואָלי
דאָך דער גיטיגי גאָט אַך זוא איין דיעה אײַן
געבּין,,, גה, 176. ‟גאָט דעם מענשין ווערט אַזו
אין הערץ אײַן געבּן...,,, יעקבֿ בּר, ירמי,

אײַנגעבּן

מתּתיהן הלוי, איבּז, תּורת לקח טן ,
ווילמרשׂדאָרף תּפּ״ד. ,,תּמעוואַטע — שׂכל אײַנצוגעבּן‟,
מס, משלי, א, 4. ‟דאַרף מען די געבּילדעטע
מיידלעך א, ליבּשאַפֿט צו אונדזער טײַערער
אמונה‟, קמ, 9 1864, No. ,,מיטהעלפֿן
אײַנצוגעבּן דעם פֿאָלק אַ פֿרישן גײַסט,,, ממוס, אַ

,
גרויע האָר'.
7. דערלאַנגען, איבּערגעבּן אויף אַן אָפֿיציעלן
אופֿן, אין אַן אַמט. א אַ בּקשה, אַ שריפֿט, אַ

,
פֿראָטעסט, אַ פּעטיציע. א אַן אָנקלאָג, אַן

,

איסק, אַ פֿראָשעניע, אַ ביטע. א, אין גערוכט = א אַן אָנקלאָג פֿאַר אַ ריכטער. א, א ו י ף

עמעצן = אָנקלאָגן עמעצן פֿאַר עמעצן; פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס קעגן עמעצן, א, צום מיראָוואָי, — צו דער נידעריקסטער אינסטאַנץ אין צאַרישן רוסלאַנד. א אַ פּ אַ פּ י ר פֿטמ, —

יעדער מין אָפֿיציעלע שריפֿט. א, פֿ אָ ר מ אַ ל - נ ע — פֿטמ, אויף אַ פֿאָרמעלן אופֿן. "יודל גיט צום דוכּס אויפֿן פריץ איין", ממוס, יודל. „דער דאָקטער ק. האָט זיך מיישבֿ געווען און האָט איינגעגעבן אויפֿן דאָקטער ל.„, שע, מנחסמענדל.

8. (שניידעריש) אַריינניִיען; בריייטער, לענגער מאַכן. א, נאָך אַ פֿינגער. א, אין די פֿאַכוועס.

9. געניצט ביי אָפֿיציעל צוריקציִען זיך, רעזיגנירן — א, די רעזיגנאַציע. א, א י ן דימיסיע. "... האָט איינגעגעבן זיין דימיסיע...

פֿון פֿרעזידענטשאַפֿט אין דער קאָמיסיע פֿון
דער וועלט־אויסשטעלונג,,, קמ, 20 1865, No.
1O. איבערגעבן אויפֿצומאָנען (
אַדמיניסטראַטיוו). ,,מע האָט מיך איינגעגעבן פֿאַר
דירהגעלט‘‘. “די וועלט מומלט עפּעס, אַז די
בעליהלוואָות ווילן א ו י ף איך א, די וועקסלען,,,
אני שלשום בר יענטע [ש. בערנשטיין], ר,
יאָכצי דל גאה, קעשענעוו 1884. ,,מע שטעלט אַוועק
דאַטעס, מע גיט איין ד ראַטעס,,, ,פֿון כתבֿים
,
פֿון אַ בדחן, [ש. הורוויץ].
11. אוטוו. דערלאַנגען אַ בקשה, זוכן אַן
אַמט, אַ שטעל, זיך באַמיִען מע זאָל אָננעמען
אין אַן אַנשטאַלט (פֿרגל מיט ז י ך , ב3). א,
אין מושבֿ־זקנים, מע זאָל אָננעמען דעם אַלטן
טאַטן. ,,מיין זון האָט איינגעגעבן אויפֿן
מעדיצינישן פֿאַקולטעט,,. א, אויף שוחט (פֿרגל
ב7).
מיט ז י ך—1. דריט ערזאָניק. געראָטן,
געלינגען, עולה יפֿה זיין. אַן אַרבעט גיט זיך (ניט)
איין דעם בעל־מלאָכה [דאַטיוו]. דאָס בילד (דער
כאַראַקטער) גיט זיך איין דעם מאָלער (דעם
שרייבער). דער עסק, דאָס געשעפֿט, די
אונטערנעמונג אע — גיט זיך איין. דער עקספּערימענט

האָט זיך אײַנגעגעבן. עס גיט זיך אײַן צו
פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע. עס גיט זיך אײַן צו
אַנטלויפֿן, צו ראַטעווען זיך אע. „אַ נאַרישקייט
וואָס גיט זיך אײַן איז אַלץ אַ נאַרישקייט“;
„גיט זיך אײַן דײַן שפּיל — וויל ניט צו פֿיל„,
שוו. “אורטיילן אָן שום עמאָציאָנעלן
אַרײַנמישן זיך... זייער ווייניק קריטיקערס גיט
זיך עס אײַן„, שנ, קריטיק און קריטיקער. “אַז
גאָט העלפֿט, דער מאַרק גיט זיך אײַן
פֿאַר,

אײַנגעבעט

דינט מען דאָך אַ גאַנצן גבֿיר מיט געלט“,
בערג, נאָך אַלעמען II.

2 ◻ זײַן געראָטן אין עמעצן (פֿון דער
משפּחה). אויסזען ווי עמעצער. זײַן לויטן
כאַראַקטער ענלעך צו.... „מײַנע זין האָבן זיך
אײַנגעגעבן אין זייער טאַטן ע„ה: הויכע,
שוואַרצע, שווײַגעדיקע“. “אין וועמען האָבן
זיי זיך אײַנגעגעבן קען לייבע מיט זײַן
שנײַדערשן שׂכל ניט משׂיג זײַן“, אַר, 'טעכטער'.
3. מעלדן זיך אויף אָנצוקומען, פֿאַררעכנט
צו ווערן, אַרײַנגענומען צו ווערן. א, זיך ווי

אַ פֿרײַוויליקער אין דער אַרמיי. „אַ גענעראַל האָט אים אַ פֿרעג געגעבן: צו וואָס ווילסטו זיך א, אין דער דינסט", שע, מע יות און אַנטאזיעס "אַהיימקומענדיק פֿון דינסט...

...

האָב איך מיך אײַנגעגעבן אַלס אינוואַליד,„ פּבֿ, צדיזמער 1925 [ייִפֿא, 5 ,1938].

4. דריטפּערזאָניק טרעפֿן זיך, פּאַסירן. „ אומגלייבלעכע זאַכן גיבן זיך אויך אײַן". "עס גיט זיך אײַן אַן אוהבֿ בעסער פֿון אַ ברודער", מט, משלי תּקע"ד, יח, 24.

—עכן — „פֿון... קאָמפּרעסן און א'ן... איז גאָרניט בעסער געוואָרן,„ בּ דעמבלין, ערבֿ נאַכט ת"אָ 1954. ־עניש.

איינגעבעט — אַדי, פּאַר אײַנבעטן II ←.

--

"זי האָט געהאַלטן איר נײַ־געבוירענעם א, אין קישן נעבן זיך", אַש, תּהילים־ייִד. "יעדער נאָגל איז א, אין דער הויט", דר, י. איפּ, פֿגעז, פּאַריז 1948, No 1. "ווײַס־גרויע שטיינער... זענען געלעגן א, אין דער ערד", בּ דעמבלין, פֿאַש, 13 1953 II. „דאָס טײַכל, א, צווישן באַגראָזטע ראַנדן", יtראל קאַפּלאַן, שליאַך און

אומוועג. —ערהייט.

איינגעבעטן — אדי, פאַר אײַנבעטן I ←.

--

אַן א'ענער גאַסט = וואָס האָט זיך אײַנגעבעטן. זײַן, זיך אויפֿפירן ווי אַן א'ענע(ר). זײַן אויף א, ב ר ו י ט = אין מצבֿ פֿון אַזאַ וואָס האָט זיך אײַנגעבעטן מע זאָל אים שטיצן. „מע האָט מיר [= מיך] געהאַלטן דורך איר באַפֿעל ווי אַן א'ענעם„, ל אָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887.

„מיר זענען שכנים, אָבער שכנים א'ענע, און דערצו נאָך גרויסע עניים", ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „מיר זענען אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד, האַלט מען אונדז אומעטום פֿאַר א'ענע„, זב, דער קליינער כל־בוניק, אַדעס 85 1 [היפוך פֿון א, פֿאַרבעטן] ־ערהייט ־קייט.

—

איינגעבענטשט — אַדי, פאָר אײַנבענטשן

--

←. אַן א'ע פֿאָר ־ערהייט. ־קייט.

איינגעבענקט — אדי, פאַר אײַנבענקען זיך

--

.. "דו זיצסט א', פֿאַרדרימלט", יג, דעם טאַטנס שאָטן.
איינגעבעסערט — אדי, פּאָר אײַנבעסערן
-

(זיך) .. אַן א'ע סיסטעם. ,,אַן א'ער האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן זײַנע אַלטע שטיק" -
ער.
הייט. —קייט.
איינגעבעבע(ר)לעך — קינדערשפּיל. [קינדער
-

זיצן אין אַ ריי אָדער אין צוויי רייען מיט אָפֿענע הענט. דער אָנפֿירער פֿון שפּיל בלײַבט שטיין. איין קינד גייט אַוועק. דער אָנפֿירער

111()

גיט אַרײַן אין די הענט פֿון אַ קינד עפּעס אַ זאַך, אַלע קינדער פֿאַרמאַכן די הענט. דער אַוועקגעגאַנגענער דאַרף עפֿענען די הענט פֿון קינד וואָס האָט די זאַך; טרעפֿט ער, גיט דאָס קינד אַ אַנט ווען עס קלײַבן זיך אָן געגוג

פֿאַנטן, שפּילט מען זיי אויס.]
אײַנגעבראָטן — אַדי, פֿאַר אײַנבראָטן ←.
א'ענע לעבער. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעבראָטעניש — דאָס (די), ־ן. וואָס
--
איז (מע האָט) אײַנגעבראָטן. "אַן א, אָדער אַ
פֿלאָדן וואָס שטייט בײַ דעם פֿײַער טאָר מען
אים [אום שבת] ניט שמירן מיט שמאַלץ,
אַפֿילו [ווען] עס איז שוין גוט אײַנגעבראָטן",
לט2, סז/א.
אײַנגעבראַכט — אדי, פֿאַר אײַנברענגען
(זיך) ←. "וואָס ס'איז א, איז ווי געפֿונען",
שוו. ביכער, א'ע אין ביבליאָטעק. א, וו ע ר ן.
„איצונד זײַן אײַן יבראַכט גיוואָרן פֿר מיר
דיא קלוגן צייברר, דז דאשׂ כתבֿ זאָלן לייאנן",
סהמ, דניאל, ה, 15. ־ערהייט.
איינגעבראָכן — אדי, פֿאַר אײַנברעכן (זיך)

-

-

. אַן א'ענער פֿון צער. אַן א'ענער פֿוס
פֿון טיש. א'ענע ליניעס. אַן א'ענע מויער. "ער

איז געקומען פֿון פֿאַרשיקונג אַן א'ענער, אַ
צעפֿײניקטער". „אַן א'ענעם נאָגל קען מען
ניט אויסגלײַכן", שוו. "איצונד ווי די
פֿראַנצויזן זײַנען א, אין אַלזשיר...", אמד, דיא
וויסטענײַא זאהאראַ, ווילנע 1868. „מיטגעטראָגן
ווייטיק פֿון די גופֿן, פֿון ביינער א'ענע ביז
טויט", סעג, איצטער. א, ו ו ע ר ן — א, וו,
פֿון האָרעוואַניע. „מע האָט אונדז אויסגעטאָן
נאַקעט, מיר זאָלן פֿון בושה וו, א',„ חג, טמז,
19 ▯ 1968 II. אָפּט אין קללות: א, זאָלסטו
(זאָל ער, זאָל מען דאָ אע) וו'! ספּעצ — קריגן
אַ קילע פֿון שלעפּן אַזעלכע שווערע פּעק
· „
קען מען נאָך א, וו',„.
איינגעבראָקט — אַדי, פֿאַר אײַנבראָקן ←.
▯ -
א'ע שטיקלעך ברויט אין יויך. „פּסח פֿלעגט
די מאַמע אונדז קינדער געבן צו עסן א'ע מצה
אין הייסע מילך". רויטע רעטעכלעך און גרינע
ציבעלע, א, אין סמעטענע. *ז ײַ ן גוט א, =
אויך: שטאַרק פֿאַרמישט אין עפּעס וואָס טויג
ניט, וואָס קען זיך ענדיקן מיט אַ סקאַנדאַל.
־ערהייט.

.
איינגעבּרוגזט — אדי, פּאַר אײַנבּרוגזן ←.
--
אַוועקגיין אַן א'ער ־ערהייט ־קייט.

.   .
איינגעבּרודיקט — אדי, פּאַר אײַנבּרודיקן
 -

 .. מיט א'ע הענטעלעך. אַן א'ער נאָמען.
־ערהייט. —קייט.
איינגעבּר וינט — אַדי, פּאָר אײַנבּרוינען ←.
-
א, פֿון דער זון. "[שבּת] טשאָלנט מיט בּולבּע,
פֿלייש און מאַרכבּיינער, א, און פֿאַררוקט אין
אַ הייסן פֿאַרחתמעטן אויוון", שואל הורוויץ,
ייִשפּ X, 3 ־ערהייט —קייט.

.   .
איינגעבּריט — אַדי, פּאָר אײַנבּריִען ←. א'ע
--
מילך. בּאָרוועסע פֿיסלעך, א'ע פֿון קראָפּעווע.
איינגעבּריינט — אדי, פּאַר אײַנבּרײַנען ←.
--   --
א'ע קאַשע.

אײַנגעגלייבט

אײנגעבּרענגט — אַדי, פּאָר אײַנבּרענגען ←.
--

דזוו אײַנגעבּראַכט . א'ע גראָשנס.
אײנגעבּרענט — אדי, פּאָר אײַנבּרענען ←.
-

דאָס א'ע האָלץ. א'ער אויוון. א'ע זופּ. ״די פֿײַער־געבּאָטן, א, אין ייִדישן לײַבּ, זײַנען פֿאַרלאָשן״, יג.,איק, 17 1956 II. ״גויאישע, מיט שׂנאה א'ע שליאַכן״, א שומיאַטשער, גק, No 41. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעבּרענטס — דאָס, ־ן, ־ער. פּד. דזוו אײַנבּרען, בּ דזוו אײַנבּרענדל.
אײַנגעבּרעקלט — אדי, פּאַר אײַנבּרעקלען ←. א'ע מצה. א'ער טישטעך. —ערהייט.
אײנגעגאַווערט — אַדי, פּאַר אײַנגאַווערן
-
←. אַן א, פֿנימל. אַן א, טיכל ־ערהייט.
.
אײנגעגאַנ(ג)ען — אדי, פּאָר אײַנגיין ←.
--

דאָס א'ע געלט. א'ע געשעפֿטן. „געל,
אָנגעזאַפּט מיט דער פֿאַרבּ פֿון זײַן א'עם גוף“, חג,
דער שולהויף.

איי געגאָסן — אַדי, פאַר אײַנגיסן ←. די
-

א'ענע גלעזער טיי. ־ערהייט.

איינגעגאָרבּעט — אַדי, פאַר אײַנגאָרבּען זיך
-

(← אײַנהאָרבּען זיך). אַן א'ער אַלטיטשקער.
„א, (טויזנטיעריק איז דער גאָרבּ!)... שטייט
ווי אין אַ שרעק פֿאַרגליווערט ד אַלטע
דורכי
גענעצטע קלויז“, פּרץ, לידער און פּאָעמען.

אײַנגעגאַרטלט — אַדי, פאַר אײַנגאַרטלען
←. א'ע קאַפּאָטע. ־ערהייט.

אײַנגעגדרט — [... געדערט] אדי, פאָר
אײַנגדרן ... א'ער שטח. “קרײַזן, רעדער...
אײַנגערעדערט, א', אײַנגעסדרט אין טומאַן“,
יעק פֿרידמאַן, נפֿילים.

אײַנגעגויאישט — אדי, פאַר אײַנגויאישן ←.
א'ער שטייגער. א'ע אַטמאָספֿער ־קייט.

.

איינגעג למט — אַדי, פאָר אײַנגולמען ←.

-

א'ער דאָרפֿסיונג -קייט.

.

אײַנגעגיל(ד)ט — אדי, פּאַר אײַנגילדן ←.

א'ע רעמען. -ערהייט. -קייט.

אײַנגעגלאָזט — אדי, פּאַר אײַנגלאָזן ←.

א'ע פֿענצטער־ראַמען. א'ער קוכן.

אײַנגעגלויבט — ← אײַנגעגלייבט.

אײַנגעגלידערט— אדי, פּאַר אײַנגלידערן ←.

א'ע אין קאָאָפּעראַטיוו. א, אין אַ סכעמע. "ייִדן אין אַמעריקע זײַנען א, אין דעם אַלגעמיינעם קולטור־לעבן,,, אַ. מענעס, אָר, 18 1962 III.

-ערהייט. -קייט.

אײַנגעגליווערט — אדי, פּאַר אײַנגליווערן

←. א'ע שפּײַזן. ליגן א, ווי אַ שטיק חומר.

,,געבליבן זיצן שטום ווי א',,, א. וויעוויאָרקא הימעל און ערד, לעמבערג 1909. "

אַרומגערינגלטע מיט כּישוף־טאַנץ פֿון מאָטן, זיי שטייען א',,, הל, 'כּי טובֿ'. ,,איך האָב אין אים אויפֿגעוועקט זײַן א'ן טרויער", חג, דער מאַמעס שבֿתים -ערהייט. -קייט.

איינגעגלייבט — אַדי, פּאַר אײַגגל .בן זיך

-

.. ▯ זײַן א, אין זיך, אין דעם רבּין אאַזוו.
א, אין אַ שיטה. אַן א'ער נאַר. ,,ער איז אָן
שפּאַס א אַז אַלע בּעסערע דענקער און
פּילאָ,

אײַנגעגלײַכט

סאָפּן..,,, זשיט II ▯ י, נ"י 1917. ,,אויבֿ די
עלטערע קענען שוין מער ניט זײַן אַזוי א, אין זיך,
צי איז כאָטש די יוגנט א, און צופֿרידן?,,, מוו,
דער וועג צו אונדזער יוגנט. —ערהייט.
־קייט.
איינגעגלייכט, ־געגליכן — אַדי, פּאַר
אײַנ־־ ־־
גלײַכן →. א'ער, א'ענער וועג. א'ע שׂכירות.
—קייט.
אײַנגעגנידעט — אַדי, פּאַר אײַנגנידען זיך
.. ▯ ,,עמעצער דאַרף דאָך געבֿן אַן אויסדרוק
צו דער א'ער אַנטוישונג,,, [שטריגלער], איק,
.II 19▯8 2
איינגעגעבֿן — אַדי, פּאַר אײַנגעבֿן (זיך) →.
-
אַן א'ענע רפֿואה. אַן א'ענע המצאָה. ,,זי איז

געוועז, ווי מע זאָגט, אַן א, קינד“, שמ“ר, דעך
פּומטער מיוחס, ווילנע 1887. “בּית־שמאי זאָגן
אַזוי, בּית־הלל זאָגן אַזוי... בּיידנס רייד
זײַנען א, פֿון דעם לעבּעדיקן גאָט“, ווינטש, דאָס
נײַע לעבּען, נ„י, יולי 1910. „אַ דין,
פֿאַרשפּיצט קול ווי אַ ניט־א'ענע תּקיעה„, חג, צמח
אַטלאַס. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעגעסן — אַדי, פּאַר אײַנעסן (זיך) ←.
1. אַן א'ענע בּיטערע קעלט. א, וו אַ פּ אַווקע
י י
(טיף אין האַרץ). א'ענע בּלאָטע. א'ענער
זשאַווער. „אַן אַלטע, פֿאַרשלעפּטע קרענק...
וויבּאַלד זי איז א, אין דער זײַל, גייט זי איבּער
בּירושה“, ממוס, א סגולה.... „ עטע פֿלעקן
וואָס זײַנען זייער אַלט פֿאַרדאַרט און שטאַרק
,
א, אין קלייד...“, ש שפּיראָ, קליידער
פֿאַרבּערײַ, וואַרשע 1900. 2 פֿאַרבּיסן
פֿאַרעק. ,
ש ט. א'ענער שׂונא, א'ענע שׂנאה. א'ענער
בּעלמ לוקת. א'ענע בּריאה. מיט אַן א'ענעם כּעס.
“זי איז געווען אַ יִדענע אַן א'ענע, נישט
געקאָנט אויסקומען מיט קיינעם“, שע, '

הײַנטיקע קינדער,. 3. פֿאַרהאַרטעװעט. װאָס מע
קען פֿון דעם ניט פּטור װערן. װאָס איז אַן
אָנשיקעניש. אַן א'ענער װאָרעם. א'ענער לץ.
א'ענע לצנות. א'ענער נפֿש. "געפֿינען עפּעס
אַ תּירוץ אויף אָט דער פריקרע, א'ענער קשיא",
ייִל, ניט טויט ניט לעבעדיג, װילנע תּרנ"ח.
,,װאָס אַן א'ענער דײַטש קען!", שע, 'דער
דײַטש'. ,,איך... אַן אַלטער א'ענער
װאָרטשון... דערקוטשע אַלעמען,,, הר, פֿאַרנאַכט.
,,אַ מלחמה קעגן דער קאַלטער, נאָר א'ענער
קליפּה פֿון שמ,,ריזם,,, שנ, װעגן יודישע
שרײַבער I. "ייִדישקייט איז ניט איין מאָל אויף
אַלעמאָל געגעבן, איז ניט קיין א'ענע דאָגמע,,,
ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922. ־קייט.
איינגעגראָבן — אדי, פּאַר אײַנגראָבן (זיך)
--
←. אַן א'ענער שטיין, סלופּ אאזוו. ליגן
א, אין דער ערד, אין בעטגעװאַנט, אין דער
מוטערס שויס. *ליגן (טיף) א, אין דרערד =
זײַן אויף צרות און ניט קענען זיך העלפֿן.
*זײַן א, אין זיך = שטענדיק אַנאַליזירן זיך
גופֿא. אַן א'ענער ש ט ו ל (קאַנאַפּע אע) =

װאָס פֿון זיצן אויף דעם איז געװאָרן אַ

אַר

-

טיפּונג. "אַזוי ה[אַ]רט זײַן זיא [= די זינד]
איין גיקראָבּן אויף אירם הערצן", שעריר, יז,
1. „איז דײַן ליבּשאַפּט אין מײַן הערץ א',,,

1111

טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839. „דאַס
עגמת־נפֿש איז איר אַזוי טיף א, אין האַרץ",
דאָס גיטויפּטע יונגיל, לעמבּערג 1884. „אַ
דאַרע ייִדענע... די נאָז אַ דינע, אויגן א'ענע",
ממוס, 'שם און יפֿת...'. „יום־כּיפּור צו
כּלנדרי... דער רבּי שטייט בּײַם אָרון־קודש,

דעם קאָפּ א, אין פּרוכת“, א בערגמאַן,
קאָצקער מע￼יות, וואַרשע 1929. ־ערהייט.
־קייט.
איינ(גע)גראַווירט — אַדי, פּאַר
אײַנגראַווי־־
רן ←. א'ע איניציאַלן. „אויף דעם בילד,
א, אויף דעם שער־בלעטל, שטייט אַ מאָטאָ...„„
קאָר I. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעגראַזעט — אַדי, פּאַר אײַנגראַזען ←.
„די העמד אײַנגעפּאַטשקעט, א, ביזן האַלדז“,
שבתי מאַטצקעוויטש, בענציק דער יחוס, ווילנע
.l913
איינ(גע)גרופּירט — אַדי, פּאָר אײַנגרופּירן
-
←. א'ע תּלמידים. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעגריבלט — אַדי, פּאַר אײַנגריבלען
-￼
(זיך) ￼... הינער, א'ע אין זאַמד. „דער
קברן... מיט שיטערע בינטלעך האָר אויף די
א'ע באַקן“, ל. טריימטער, צוק, מאַרץ 1960.
־קייט.
איינגעגריזנעט — אַדי, פּאַר אײַנגריזנען ←.
--

א, אין בלאָטע. א, אין זנות.
אײַנגעגרײַזלט — אַדי, פּאַר אײַנגרײַזלען
←. געמאַכט מיט גרײַזעלעך. א'ע פֿאהלעך.
־ערהייט. ־קייט.
אײַנ(גע)גרימירט — אַדי, פּאַר אײַנגרימירן
←. אַן א, פֿנים. א'ע באַנקעט־רייד ־
ער.
הייט. ־קייט.
איינגעגרענעצט — אַדי, פּאַר אײַנגרענעצן
--
←. א'ער תּחום. א'ע רעכט. ־ערהייט.
־קייט.
אײַנגעדאַוונט — אַדי, פּאַר אײַנדאַוו(ע)נען
←. גוט־אײַנגעחזרטע, א'ע תּפֿילות. „אַ
וועכעדיק דאַווענען איז נאָך סיאַק־טאַק,...
ווערטער, שטאַרק א',„ דער יוד, פֿאַר פסח, וואַרשע
1881. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעדאָלבעט—אַדי, פּאַר אײַנדאָלבען ←.
א'ע ברעטער. תּירה, א, אין קאָפּ. „אַלע
אויסרעדענישן... דערקענט מען גאַנץ גוט אַז דאָס
איז א,... מיט דעם קאַנטשיקל, מיט אַ ריס
בײַם אויער“, צעד, 41.

אײַנגעדאַמסט — אַדי, פֿאַר אײַנדאַמפֿן ←.
א'ע שפּײַז. "אין פֿינצטערן שטאַל האָט דער
חושך געאָטעמט מיט... א'ן פֿערדישן מיסט,,,
ש. גאָרדאַן, צווישן אזאָווער און שוואַרצן,
מאָסקווע 1934. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעדאַרט — אדי, פֿאָר אײַנדאַרן ←. א,
און אײַנגעקוואַרט. אַן א, ביימל. א'ע באַקן,
ליפּן. ,,אַלע מיידלעך וואָס פֿירן ליבעס, זיי
ווערן דאָו א',, פֿל ,,דער באַך דער דא פֿון

דורטן קומט, (יחרבֿ) ווערט אײַן גיטרוקנט
און אײַן גידרט אויף איבג,,, סהמ, איובֿ, יד, 11.
,,א פֿאַרשוואַרצטער ייִד און אַ בלייבע א'ע
־... — —
ייִדענע... דאָס פֿאַרלאָזט מען די קאָלאָניע",

אײַנגעדרוקט

פּה פֿון ווײַטע לענדער. "דער א'ער און כמעט

ווי אָפּגעפֿאַלענער צווײַג פֿון אונדזער שפּראַך
[מייִ) האָט קיין גרויסן באַטרעף ניט אַנטקעגן
דעם ברייט צעוואַקסענעם בוים פֿון מזרחדיקן

ייִדיש“, מוו, ייִשפּ XIII, 2—3 ־ערהייט.

.

־קייט.

אײַנגעדולדיקט — אַדי, פּאַר אײַנדולדיקן ←.

א'ע צוהערערס. „ס'וועט... זיך צעבלײַען דײַן נקמה, די אויסגעצײַטיקטע, א'ע נקמה„, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי.

אײַנגעדונגען — אדי, פּאַר אײַנדינגען ←.

א'ע פּרײַזן. א'ער טערמין. אַן א'ער צו טאָן אַן אַרבעט —ערהייט.

.

אײַנגעדושעט — אַדי, פּאַר אײַנדושען ←.

אײַנגעדעמפּט, א, פֿלייש. טענער וואָס זײַנען אַ ביסל א'. „האָט זיך דער קוים א'ער ליבעספֿונקען ווידער צו איינער העלע פֿלאַמע... אויפֿגעפֿלאַקערט“, אמד פֿייגעלע דיא עגונה,

,

ווילנע 1875. “האָט מלכּהלעס שטיל א, שלוכצן אים געעגבערט אין מוח„, ב. דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעדייווערט — אַדי. פּפּ: ~

געדע־־

ווערט, ׀ י.,געדיווערט (אוקר).

אויסגעצערט, שטאַרק אײַנגעדאַרט, אָפּגעשוואַכט וואָס

איז (אַזוי ווי) בעת אָדער נאָך אַ קרענק. "אויף דעם א'ן גוף מיט דער פּלאַטשיקער בּרוסטבּרעט פֿון דער וועש־נייטערין...", יודל אָפּע,

□

דאָס איידעמל, מאָסקווע 1936 ־קייט.

.

איינגעדיקט — אַדי, פּאָר אײַנדיקן ←. א'ע

□ ־

מילך.

איינ(גע)דיריגירט — אַדי, פּאָר

אײַנדיריגירן ←. א'ער קאָנצערט. ־קייט.

□

אײַנגעדעמפּט, ־געדעמסט — אַדי, פּאַר אײַנדעמפּן, אײַנדעמפֿן ←. אַן א, שטיקל פֿלייש. אַ בּרוין א, הינדל. "... שמעקט מיט דעם אײַנגעדעמפֿטן מערן־צימעס, מיט דער ציקאָריע", א. שעכטמאַן, ערבֿ ־ערהייט.

□

־קייט.

אײַנגעדענקט — אַדי, פּאַר אײַנדענקען ←.

א'ע ווערטער. „יענע א'ע ווענן אויבן„, יג,
ס␣י␣ה, No 21.
אײַנגעדעקט — אַדי, פּאָר אײַנדעקן (זיך) ←.
ליגן א, אין (מיט) קאָלדרעס. „וואָס ס'איז דאָ
אין א'ן טאָפּ ווייס אויך ניט דער קלוגער קאָפּ“,
שוו „דער צימעס... אויפֿן פּריפּעטשיק בײַם
טשאָלנט־בּרעטל, א, מיט אַ קישן — גיט די
שמוכט“, ממוס, 'שבּת'. „כ'ליג... אין אַ
ווינקל, א, אין קילע שאָטנס“, סעג, פּאָעמען.
־ערהייט. ־קייט.
איינגעדראָטעוועט — אַדי, פּאַר

אײַנדראָטעווען ←. אַן א, ליימען טעפּל.
איינגעדרונגען — אדי, פּאָר אײַנדרינגען ←.
־␣

א'ע, ניט־געבּעטענע געסט. אַן א'ער געדאַנק.
“דר מענש האָט פֿון יוגנט... לושׂט צו
לייַבליכי הנאָות... אונ, ווערט נאָך מער דרינן
אײַן גידרונגן“, חה, אַמשט 1716, מז/א. “דער
א'ער געזאַנג פֿון לעבן„, בּעמ II.
אײַנגעדרוקט — אדי, פּאָר אײַנדרוקן ←.
־

אײַנגעדרייט

א'ע צוגאָבן צום טעקסט. ־ערהייט — ,,דאָס איבעריקע זײַטל האָב איך געזען שוין א'‘‘.
אײַנגעדרייט — אַדי, פאָר אײַנדרייען (זיך)
־

←. ליגן א, אין דרײַען. האָר, א, אין שטיקלעך פּאַפּיר. ,,זיי ליגן א, אין זיך אַליין‘‘, הל, 'די קראַנקע פֿייגל'. ,,דער פֿראָסט איז האַרט. ס'ליגט אַ גרויסע געגנט א, און וואַרט‘‘, איזי כאריק, זב, בירעבידזשאַן, מאָסקווע 1936. ‘‘דאָס קליינע פֿײַערל אין לעמפּל... איז שטאַרק א'‘‘, יר I. ,,מײַן צוקאָפּנס זײַנען האַרטע, א'ע וואָרצלען‘‘, יהואָש, 'ביימער'. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעדרימלט — אַדי, פאַר אײַנדרימלען ←.
־

א, ו ו ע ר ן. אַן א'ער זקן. דער א'ער וואַלד. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעדריקט — אדי, פאַר אײַנדריקן (זיך)
־־

←. א'ע צווישן עולם. ‘‘זײַ[נ]ען די וואָרצלען גאַנץ קליין, האַרט..., טיף אין די בריסט א'‘‘, מלכּה בערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. ,,הונדערט מענטשן אַרבעטן אין צוויי

ענגע צימערלעך... א, און פֿאַרשטיקט“, י. מ.
אַלפּעראָוויטש, די וועלט מלחמה..., ווילנע
1905. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעדרעמלט — אַדי, פּאַר אײַנדרעמלען
--
.. א, ו ו ע ר ן. „ערשט שפּעט אין דער
נאַכט האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל. א, בין איך
געוואָרן..,,, ממוס, קליאַטשע. ,,,...
צערודערן די שטרעקעס, א'ע אין כישוף“, ב. לאַפּין,
דער ולער קרוג ־ערהייט ־קייט.
. .
איינגעדרענגט — אַדי, פּאַר אײַנדרענגען ←.
-
די קליידער, א'ע אין אַלמער. „די גאַסן...
גראָע, שטילע, א'ע צווישן די טונקעלע זײַטן,,,
עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924.
אײַנ(גע)דרעסירט — אַדי, פּאַר
אײַנדרעסירן .. א'ע הינט וואָס קענען טאַנצן. „דאָס
פֿאָלק ווי אַ גוט א, פֿערדעלע, לויפֿט מיטן
ערשטן סיגנאַל־גלאָק..,,, זשיט II, נ“י 1912.
־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעדרשנט — [... דאַרשנט] אַדי, פּאַר
אײַנדרשנען ←. א'ע באַנאַליטעטן. ־קייט —

,,עס ווערט נעלם די וואָכעדיקע א, פֿון שׂכל
און עס לײַכט אויף דאָס שבֿתדיקע ליכט פֿון
האַרץ“, בערל כּהן, דרום אַפֿריקע, No 121.
איינגעהאָבערט — אַדי, פֿאַר 'אײַנהאָבערן'.
-

וואָס איז צוגעוואוינט צו האָבער. ,,אַ יאָר דאַרף
שטיין אַ פֿערד אויף האָבער, באַקומט ער
קײַלעכדיקע זײַטן, ווערט אַן א'ער,,, ליטוו.
אײַנגעהאַלטן — אַדי, פֿאַר אײַנהאַלטן (זיך)
-

.. א'ענע ווערטער. אַן א'ענער זיפֿץ (
געלעכטער). א'ענע געשרייען. אַן א'ענער ניגון.
רעדן (הערן) מיט אַן א'ענעם אָטעם. לעבן א,
און שפּאָרעוודיק. אַ מיושבֿדיקער, אַן א'ענער.
,,שטיינערנע הערצער האָבן א'ענע הענט“, שוו.
,,... איז אַ שטילער בחור, אַן א'ענער, היט
אָפּ אַ גראָשן“, שע, 'קאָנקורענטן'. “זאָגט חצות.
ער וויינט מיט אַ ביטער־א, קול און שלאָגט
זיך מיט דער פֿויסט אין האַרץ,,, ייִז, 'צווישן
בעטלער,. ,,דער ליריזם איז אָפּט בײַ אַשן אַ

באַהאַלטענער, אַן א'ענער, אַ פֿאַרשטילטער“,

שנ, שלום אַש. ,,אין דער שטיל־א'ענער,
סודסודותדיקער יום־טובֿדיקייט שמעקט מיט דעם
אײַנגעדעמפּטן מערן־צימעס“, א. שעכטמאַן,
ער . *דער זייגער איז (גייט) א, = גייט צו
פּאַמעלעך, שטייט אָפּ פֿון דער ריכטיקער צײַט.
־ערהייט — ,,ווען מען האָסטו באַקומען פֿאַר
א מאַן? פֿרעגט ער א',,, ל. יאָסעלאָוויץ, דער

-
פֿאַרוואָגלטער (הנדוד), ווילנע תרמ“ח ־קייט
.
— ,,אַז דער עלטסטער זאָגט, נעמען אים אַלע
נאָכזאָגן מיט א, און ציטערניש, ביז עס ווערט
אַ געיאָמער“, הל, 'פֿאַר דעם געוויינמײַסטער
אַ מזמור'.
איינגעהאָל(י)עט — אַדי, פאַר אײַנהאָליען
-
־←.. “שטייט נאָך אַ קוישל, א, אין אַ זעקל“,
פּמ, וואָלין.
אײַנגעהאַמעוועט — אַדי, פאַר אײַנהאַמעווען
--

... א'ער וואָגן. א'עווילדע יונגען. א'ער שטראָם. א'ע תּאווה. ־קייט.
איינגעהאַמערט — אַדי, פּאַר איַנהאַמערן
-
←. א'ע נעגל. א'ע לאָזונגען. ־קייט.
איינגעהאַנגען, ~געהאָנגען — אַדי, פּאַר
-
אײַנהענגען ... די א'ע מאַנטלען.
אײַנגעהאַנדלט — אַדי, פּאַר אײַנהאַנדלען
-
←. א'ע מציאה. דער א'ער איידעם. ,,
אַלטיטשקע, מיט א'ע פֿאַרפֿרוירענע עפּל אין פּאַפּירענע זעקלעך,,, חג 'זיידעס און אייניקלעך'.
‘‘מלוכות, מעשׂה־כּישוף א'ע,,, אַל II, 'דאָס געוויין פֿון שאַראַזאַד, ־ערהייט.
.

-
אײַנגעהאָסטן — ← אײַנגעהעפֿט.
אײַנגעהאַקט — אַדי, פּאַר אײַנהאַקן ←.
,,א'ע האַרטע אייער מיט ציבעלע און שמאַלץ

... אָדער א'ער הערינג מיט אַן איי און עסיק,,,,
שואל הורוויץ, ייִשפּ 3 ,X. "א'ע קוילן פֿון
זאָדיק־פֿלייש אין זויערן,,, ממוס, דער פּריזיוו.
,,א'ע באַרבאָליעס מיט ציבעלעס... אויך אַ
ביסל א'ע לעבער מיט ציבעלעס,,, י)ראָל
אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, יאַס 1893. א'ע זײַטן
= אײַנגעשניטן פֿון ביידע זײַטן (מאַרינאַרקע).
־ערהייט.
איינגעהאָרבעט — אַדי, פּאַר אײַנהאָרבען
--
(זיך) .. אײַנגעהויקערט. שטיין (זיצן) א'.
א, אין דרײַען (צענען). ,,אײַנגעבויגן, א', שטייט
אַ ביימעלע אין פֿעלד", סעג, שטילע טרוימען.
,,שטעלט זיך פֿאָר אַ געזונטן זשלאָב, אַ הויכן,
אַ ביסל אַן א'ן...,,, נ. לוריע, בריקן ברענען,
כאַרקאָוו 1929.
אײַנגעהאַרטעוועט — אַדי, פּאַר
אײַנהאַרטעווען ←. א'ע אין צרות. ־ערהייט.
איינגעהאָרכט — אַדי, פּאַר אײַנהאָרכן (זיך)
-
.. א'ע מוזיק. ,,זיצט ער קאָנצענטרירט־א',,,
מ. גראָס־צימערמאַן פֿאַש, 15 1966 X ־קייט
, .

— „די פּאַרטאָגן —... אין שטילער א',
איידער די זון גייט אויף", י□ראל עמיאָט, פּאָר,
30 IX 19□9.

איינגעהאָרעוועט — אַדי, פּאַר אײַנהאָרע□־
ווען □. א'ער גראָשן. א'ע אין די סוועטשעפּער. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעהייצט
-

אײַנגעהויבן — אַדי, פּאַר אײַנהייבן →.
די אײַנגעהויבענע ספֿר־תּורה.

איינגעהויערט — אַדי, פּאַר אײַנהויערן
-
זיך □.. לר. אײַנגעקאָרטשעט. צונויפֿגעדרייט. האַלבֿ־נאַקעטע קינדערלעך, א'ע אין די ווינקעלעך.

אײַנגעהויקערט — אַדי, פּאַר אײַנהויקערן
-
(זיך) □.. אײַנגעהאָרבעט. זײַן (גיין) א'. אַן א'ע האַלטונג. א'ע הײַזלעך. די לאַנגע א'ע נאָז. דעם ייִדנס א'ער רוקן. א, אין

דרײַען. א, ווי אַן אַלטער בוים, ווי אַ בעטלער,
ווי אַ קאַץ, ווי אונטער אַ שווערן יאָך. "
הונגעריקע קינדערלעך האָבן זיך פֿאַרשלאָגן אין אַ
ווינקל, א, אין צענטן", ממוס, ווינטשפֿ. „אַ
קליין אײַנגע'ע1קר'ט [ייִלס אויסלייג!] שטיבל
אונטער אַ פֿאַרגרינטן שטרויענעם דאַך", דאָס
פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. "וועלכע שטאָט
פֿאַרמאָגט אַזאַ אַלטן א'ן בית־מדרש?„, שע,
פֿונעס יאַריד I. "פֿאַרמאַטערט, א, און

פֿאַריאָמערט וו אַ חולה... זיצט און שוויצט די
י
צדקה־גדולה„, פֿרוג II. „אונדזערע חדר־
ייִנגלעך... גרין און געל, אײַנגעדאַרט און א„
אָן אַ ביסל מוט און אָן לעבן„, דר, מ. גאָטליעב,
פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע 19()8.
„איר שייטל — גרויער, איר געשטאַלט — א'ער„,
חג, דער מאַמעס שבתים.
־ערהייט — „א, טוט דאָס ייִנגל אַ ציטער,
גראָבט זיך אײַן מיט די אויגן טיפֿער אין
סידור", בערג, בײַם דניעפּער II ־קייט.
איינגעהונגערט — אַדי, פּאַר אײַנהונגערן
-

. א'ע יתוֹמים. ־ערהייט. קייט. →
איינגעהיט(ן) — אַדי, פֿאַר אײַנהיטן (זיך)
--
. א'ענע כּוחות. א,(ענ)ער גראָשן. ,,אַז מע →
גיט צדקה לענייס...דאָס איז אַ גרויסער
תּיקון להנשמה אַז זי זאָל א, זײַן פֿון אַלע די
שלעכטס,,, פּקח עוורים, שקלאָוו 183, אות
כּח. ,,און א, איז פֿאַר דער אומה געבליבן אַן
אוצר אין מיר [אין ייִדיש]: די פֿאָלקסזעל —
אַ פֿרישע, אַ פֿרומע, אַן אוצר אָן ערך און
שיעור,,, אַל I, 'ייִדיש'. ,,אַ בוים אַן איינציקער
באַדאַרף אַ שומר, אַ וואַלד איז א, דורך זיך
אַליין,,, הל, בלאַט... עפּלבוים ־ערהייט.

.

—קייט.
אײַנגעהיילט — אַדי, פֿאַר אײַנהיילן (זיך)
. אַן א'ע וואונד ־ערהייט. →

.

איינגעהיימישט — אַדי, פֿאַר אײַנהיימישן
-
(זיך) → . זיך פֿילן א, אין דעם נײַעם לאַנד.
,,אַ צאָל א'ע ענגלישע ווערטער און
נאָכגעענגלישטע ייִדישע ווערטער קענען אָנגיין אין דער
קאָרעקטער שפּראַך,,, מוו, ייִשפּ I. ־קייט —

‘‘זײַן פֿרעמדקייט, זײַן נאָך־נישט־א',,, יג, איק,
.17 י II 19(4
אײַנגעהייצט — אַדי, פּאַר אײַנהייצן ←.
א'ע שטוב. א'ע קעסלען. ‘‘אין עטליכי ערטר
זעצט מן דען שאלינט אין איינם אײַן גיהייצטן
באק אובֿן‘‘, לט1, סה/א פֿיל בעשׂר אַז דער
—
. ,,
בן־אָדם לאָזט זיך אין איין אײַן גיהיצטן קאַליך
אובֿן וורפֿין אַרײַן אי ער זײַן חבֿר פֿר לײַטן
זאָל מבֿייש זײַן,,, עיון, סא/ב. ־ערהייט.

אײַנגעהילט
אײַנגעהילט — אַדי, פּאַר אײַנהילן (זיך) ←.
-
א, אין אַ פֿאַטשיילע, (שאַל, שלייער אע). א,
אין שאָטנס (פֿינצטערניש). א, אין אַ סוד. א,
אין טלית און קיטל. א, אין זינד (תּאוות). א,
אין צער (מרה־שחורה אע). מלל פֿאַרטײַטשט
'מעלפֿת ספּירים, (שיר־השיריט, ה, 14): ,,אין
גיהילט‘‘ [תּי: ,,באַדעקט‘‘]. ,,דאָס זענען די
אַגדות הש‘‘ס... א, אין קורצע ווערטער מיט
גרויסע מיינונגען,,, סשי II, טז. ,,א, אין
אימתמות... עס הענגט דעם מענטשנס לעבן אויף
א האָר‘‘ פֿרוג I, 'דאָס קוויטל'. ,,א, אין דעם

—
,
אור־טרוים פֿון ווערן...,,, מלך ראַוויטש,
נאַקעטע לידער.
־ערהייט. ־קייט.
איינגעהילעט — אַדי, פֿאַר אײַנהילען (זיך)

←. אַן א'ע ווײַבל. ,,אַ באָרוועסער, א, אין
אַ גרויסער פּלאַכטע...,,, י. בודזאָהן, אַ מעסtה
פֿון אַ רבֿ..., ווילנע 1927 ־ערהייט.
.
איינגעהיצט — אַדי, פֿאַר אײַנהיצן (זיך) ←.
-
.
א'ער המון. ,,און, דער קאַלו אובֿן (אזח יתּירה)
איז זיר אײַן גהיצט“, סהמ, דניאל, ג, 22.

איינגעהעסט — אַדי, פֿאַר אײַנהעפֿטן (זיך)
-
I.. א'ער מגן־דוד. א'ע אין קאַראַהאָד.
איינגעהעצט — אַדי, פֿאַר אײַנהעצן ←.
-
א'ער המון. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעהעקלט — אַדי, פּאַר אײַנהעקלען ←.
-
,,זיי זענען ווי א, געוועןן איינער אין אַנדערן,,,
אַש, בײַם אָפּגרונט. ־קייט.
איינגעהער — דאָס, ־ן פֿמט.
אויפֿמערק—
זאַמקייט. ,,זאָלסט האָבן א, צו מײַנע ווערטער,,,
רייד (צויזמער).
אײַנגעהערט — אַדי, פּאַר אײַנהערן (זיך)
-
←. א'ע ווערטער. א'ע מוזיק. ־ערהייט.
־קייט.
אײַנגעוואויגן — אַדי, פּאַר אײַנוועגן ←.
דער א'ענער האַלבער פֿונט. א'ענער צוקער.
אײַנגעוואוינ ען — טרוו. געוואוין אײַן,
י.,געוואוינט. פּפֿ: ~געוויינען (←). מאַכן
עס זאָל ווערן אַ געוויינלעכע זאַך, מע זאָל זיך
פֿירן, טאָן עפּעס אָן אָנשטרענגונג, אָן
איבערקלערן, אָן פּראָטעסט. אײַנלערנען צו טאָן
עפּעס (כּמעט) מעכאַניש, אָן וואַקלענישן. א, די
קינדער צו וואַשן די הענט פֿאַרן עסן. א, די
אַשכּנזים צו לעבן צוזאַמען מיט די עולים פֿון
די מזרח־קהילות. ,,די ייִדישקייט אירע וואַר
איר ניט פֿאַרשטאַנדיק געמאַכט, נאָר

איַינ ..
געוואוינט“, אמד, רויזע פּינקעל, ווילנע תּרל“ד.
,,זיַין פֿאָטער און זיַין רבּי האָבּן אים
איַינגעוואוינט... מורא צו האָבּן פֿאַר גאָט און דינען
אים“, תּניא, קו.
אָפּט מיט ז י ך — א, זיך צו לעבּן אין
ענגשאַפּט. ,,וויפֿל דאָס לעבּן האָט אים ניט
געזשאַלעוועט קיין צרות, האָט ער דאָך נישט
געקענט צו זיי זיך א,“, אַש, תּהילים־ייִד.
,,... אויסהאַרן בּיז ער וועט זיך א"“, קמ,
18 1865, No. ,,ער האָט זיך פֿון זיך זעלבּסט
אַזוי איַינגעוואוינט צו פֿירן, בּיז עס איז
געבּליבּן בּיַי אים פֿאַר אַ נאַטור,,, י. ל. יאָסעלאָוויץ,
תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל,,ו.

1113

~געוואוינט — אַדי. א'ע פּירונגען.
־טערהייט — א, ענטפֿערן אָמן. ־טקייט
— ,,... זיי [די טעכטער] זאָלן זיך בּצניעות
האַלטן אַז ווי זייער מוטער, דען דאָס בּרענגט
זיי די א,“, לט2, עד/ב.
איַינגעוואונדן — אַדי, פֿאַר איַינווינדן ←.
“דשׂ שווערט פֿון (גלית)... זיא איז איַין

גיוואונדן אין איין לײַליך,,, סהמ, שמואל א, כא, 10.

אײנגעוואַטעט — אַדי, פּאַר אײַנוואַטען ←.

--

אײַנגעוויקלט, אײַנגעהילט אין וואַטע. ,,יעדער ייִדיש וואָרט איז... א, אין ייִדישער נשמהוואַרעמקייט,,, ימ, ייִשפּ 4 ,XIII.

אײַנגעוואַלגערט — אַדי, פּאַר אײַנוואַלגערן (זיך) ←. אַן א'ער בוים. א'ע מלבושים. ,,צו יעדן א'־בּרענענדיקן הויז פֿון סטאַלינגראַדער חורבֿות און רואינען", פּמ, מלחמה II. ,,שמאָלע געסלעך, א'ע הילצערנע פּלויטן", א. שעכטמאַן, ערבֿ —ערהייט ־קייט.

. .

אײַנגעוואַל(י)עט — אַדי, פּאַר אײַנוואַל(י)ען ←. אַן א'ע חורבֿה. דאָס '.. פֿענצטער איז א, און קײנער וואוינט מער ניט דאָרט,,, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. ־ערהייט. —קייט.

אײַנגעוואָלקנט — אַדי, פּאַר אײַנוואַלקענען (זיך) ←. א'ער הימל. "ער כאַפּט אַ דרימל... א, אין טאַבּעק־רויך,,, נס, איבּז, אַלעקסאַנדער אַראָסעיעוו, ערשט ניט לאַנג, קיִעוו 1929. ־קייט.

אײַנגעוואָנדן — אַדי, פֿאַר אײַנווענדן ←.
א'ענער אויסטײַטש פֿון געזעץ.
אײַנגעוואַנדערט — אַדי, פֿאַר אײַנוואַנדערן
←. די א'ע ייִדן. אָפּט סובּ א'ע(ר). א'ע וואָס
האָבן... ניט געקאָנט אָראָפּשלעפּן פֿון זיך
די אַלטע הר־ט,,, זש ט II, נ,,י 1912 ־
ער.
הייט. ־קייט.
אײַנגעוואַקסט— אַדי, פֿאַר אײַנוואַקסן II ←.
א'ע דילן.
אײַנגעוואַקסן, .,געוואָקסן — אַדי, פֿאַר
אײַנוואַקסן I ←. ווי אַ בּוים א'. געוואוינשאָפּט
וואָס איז א, אין זײַן פֿירונג. א'ענע געפֿילן.
,,איר קינד איז געבּאָרן געוואָרן מיט אַ
ניטא'ענעם אָפּל״ פֿגעז, ווילנע 10 '1925 No.
,,וויבּאַלד מײַן ספֿר וועט שוין זײַן בּײַ אײַך
גוט א, אין זינען״, הרבֿ אַלכּסנדר זיסקינד איבּז,
די הייליגע צוואָה ווילנע 1881. ״... א'ענע אין
אונדזערע הערצער, אײַנגעוועבּטע אין
אונדזערע מחשבֿות,,, חיים ליבּערמאַן פֿאָר, 1962
,
I י 18. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעוואַרעמט — אַדי, פֿאַר אײַנוואַרעמען

-

(זיך) .. אַן א, געקעכטס. די א'ע היים. ״זיך
בעסער אײַנגעמעסטעט אויף די א'ע ערטער״,

ה. דאָבין, צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941.
־ערהייט. —קייט.

-

איינגעוואָרסן — אַדי, פאָר אײַנוואַרפן ←.

--

אַן א, הויז. א'ענער פּאַרקאַן ־ערהייט.

.

־קייט.

אײַנגעוואָרצלט — אַדי, פאַר אײַנוואָרצלען

אײַנגעווײנען

(זיך) ←. א'ע אין באָדן. א'ע אין דער סבֿיבֿה.
די א'ע שׂנאה צו ייִדן. אַן א'ער גלויבן. ,,דיא
עבֿירה [גאָלן די באָרד] איז אונטר דיא לײַט
אַזוי אײַן גוואָרצילט...,,, קצת ד ri מוסר

על איסור השחתת פאות הראש והזקן, אַמשט
תּנ,,ב? ,,האָבּ גיזעהן... איין אײַן גיוואָרצלטן
נ[אַ]רן אונ, רשע,,, סהמ, איובֿ, ה, 3. ,,איר
יסוד אונ, אײַן גיוואורצלטה וואונונג אַז אין
דיזה וועלט“, חה, אַמשט 1716, מז/ב. ,,ווען
איינר האָט גיזעהט ווייטץ אודר קאָרן אונ, ווער
נאָך ניט אײַן גיוואָרצילט, טאָר מן אויך דער
פֿון נעמין צו עסין“, לט, עב/א. ,,די טבֿע פֿון
איטלעכן פֿאָטער איז א, אין דעם קינד,,, הנהגות
נשיס, ווילנע תּר,,ה. ־קייט — אַן א, אין דעם
טיפֿסטן עבֿר.
אײַנגעוואַשן — אַדי, פּאַר אײַנוואַשן (זיך)
-
←. א'ענער פֿלעק. א'ענע פּנימלעך -
ער
הייט. ־קייט.
איינגעוויגט — אַדי, פּאַר אײַנוויגן (זיך) ←.
-
דאָס א'ע קינד. אַן א'ער שרעק. די א'ע בּרעגן
פֿון טײַכל. אַן א'ער (ווי אַ) בּעל־צדקה. די
רבּיצין דרימלט אײַן בּײַם שטריקן אַ זאָק,
אפֿשר א, פֿון גמרא־ניגון,,, פּרץ, זכרונות.
,,אײַנגעשטילט און א, און אײַנגעהילט, ווי אַן

אײַנגעשלאָפֿן קינד,,, הל אין קיינעמס לאַנד.
,,ערשט דרויסן די א'־שטילע אלול־נאַכט און
קיל ווינטל נעמען אים באַרואיקן,,, שמעון
האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'. ,,די שטערן פּינטלען
אויס פּסוקים פֿון תּנך, איך לייען זיי מיט א'ן
קאָפּ“, אפֿא,... סטעפּ. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעוויזן — אַדי, פּאַר אײַנווײַזן ←. די
--

א'ענע טעותן. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעווייד — דאָס, ־ן & מצ ווי אצ;

געוויינלעך בלויז מצ. דזוו אינגעווייד ←. ,,לויב מײַן
זעל צו גאָט אונ, אָל מײַן אײַן גיוועהט זאָלן
לויבן זײַן הייליגן נאמן,,, מחזור ר,,ה ויו,,כּ,
הומבורג 1721, פּג/א. ,,דאָס טראָגן (ההריון)
איז אין דער צײַט אין וועלכע דער זאָמען
(זרע) וואַקסט אין דער מוטערס א, (אבֿרי
הלידה)“, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער,
ווילנע 1836. ,,אַ בראַנדיקער געשוויר וואָס
פֿרעסט מיר אויף מײַן א, אין בויך,,, מלה,
לידער II. ,,אַלע א'ן מײַנע כליפֿען אין דער
טיף,,, יעק פֿרידמאַן, נפֿילים.
איינגעווייט — אַדי, פּאַר אײַנווייען ←. א'ער
--

מאָנומענט. „די טריט די א'ע [=
צערעמאָניאַלע]„, יהואָש איבּז, ה אַוואַטאַ.

איינגעווייכט — אַדי, פּאַר איַנווייכן ←.
--
מ t פּאַרטיַטשט ושרת ענבֿים, (בּמדבּר, ו, 3):
י

,
„איין גיווייכט..., [תּי: "זאַפּט פֿון...,]. א,
פֿלייש. אַן א'ער איַזן.
איינגעווינ ען — טרוו. געווין איַן, ~

געווינט. פּפֿ: ~געוואוינען (←). דזוו
איַנגעוואוינען. [מער פּאַרשפּרייט אין גערעדטן
לשון, אָבער אפֿשר ווייניקער אין ליטרש.] „אַז
מע ווערט אַ בּיסל איַנגעווינט, זעט מען...,,,
ממוס, מסעות. „איַנצוגעווינען די
פּרינציפּאַלן... אַ בּיסל צו אַכטן זייערע אַרבּעטער,,,

איַנגעוויַסט

י מ אַלפּעראָוויץ, די וועלט מלחמה... ווילנע

.1905
אָפּט מיט ז י ך — „ווילשטו האכן אַז מן דיר
דײַן ריד אימר זאָל צו הערן, גיוויאן דיך ניט
אײַן ליגן צו זאָגן“, עיון, מו/א. „זי האָט זיך
אַזוי אײַנגעווײנט צו דער גרויסער פּרעסאַרנע“,
ש. בעקערמאן, דער זשענטקער וואָפּראָט, אַדעס
.1887
~געוויינט — אַדי. אַן א'ע זאַך. א'ער
דרך. —טערהייט. —טקייט — די א, צו
שלאָגן אַ קינד.
איינגעווייסט — אַדי, פּאָר אײַנווײַסן ←.
. -
א'ער באָרשט. „הענט און בגדים זײַנען א, אין
מעל„, חג, צמח אטלאס I.
איינגעווייקט — אַדי, פּאָר אײַנווייקן (זיך)
-
←. א, פליש. אַן א'ער הערינג. א'ע גרעט.
חלה, א'ע אין בראַנפּן. א, אין מעשים טובים;
א, אין יחוס. א, אין לערנען (תאוות). מלל
פאַרטײַטשט 'משרת ענבים, (במדבר, ו, 3):
„אײַן גיווייקט“ [פּרגל אײַנגעווייכט]. “ער זול
ניט טרינקן... אַל אײַן גיווייגט טרויבן“, טח,
במדבר, ו, 3. —ערהייט.
אײַנגעוויליקט — אַדי, פּאַר אײַנוויליקן ←.

א'ער שידוך. א'ע זיך מקריבֿ צו זײַן —קייט.

.

אײַנגעוויקלט — אַדי, פּאָר אײַנוויקלען (זיך)

--

.. א, אין אַ שאַל. אַן אתרוג, א, אין וואַטע. טראַגן די וועטשערע אין אַן א'ן טאָפּ. א, אין אַ געדיכטן נעפּל. אַ יאָ וואָס איז א, אין אַ ניין. „זײַן גזיכט אין גוויקלט אין זײַן (טלית)“, שאַר, יז. „ליגן זיא גאַנץ נאַקיט, אײַן גוויקלט אין עטוואָס לײַנן“, משה אײַזענשטאט, איבֿז, דרך הישר לא ן בוחן, אָרט? 1746. “... וועט גאָט צו משפּט בּרענגען מיט אַלעמען וואָס דרינען איז א, צו גוט צי בּייז“, מס משלי תקע“ט, יב, 14. „א, מיט דימענטן זאָל ווערן דער דאָזיקער וועלכער עס וועט...“, ממוס, מסעות. „דער ווינט איז געלעגן א, אין די סאָסנעס און געשלאָפֿן“, יהואָש, 'זומערנאַכט'. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעוויקלטס — דאָס, מצ פּר יעדער

-

מין שפּײַז וואָס בּײַם צוגרייטן זי קומט אויס אײַנצוּוויקלען אין אַ בּלאַט, אין טייג. דאָס פֿליישעדיקע (מילכעדיקע) א'.

איינגעווירצט — אַדי, פּאָר איַינווירצן ←.

-

אַן א, צינגל. א'ע רייד -קייט.

.

איינגעוועבּ — דאָס (דער), -ן. רעזולטאַט

-

פֿון איַינוועבֿן (זיך). אַן א, פֿון קאָלירטע פֿעדעם. "דער א, — איך און מיַין פֿאָלק, מיַין פֿאָלק און איך", מאָל, ס יבֿה, No 21.

איינגעוועבּט — אַדר, פּאָר איַינוועבֿן (זיך)

-

.. אַ רויטער פֿאָדעם, א, אין אַ וויַיס געוועבּ. א, אין סתּירות (אין סודות). חלומות, א'ע אין הערצער. "[מענדעלעס] גוטמוטיקע לעפֿצן זאָגן: איך בין אַ פֿאָדעם, א, אין גרויסן געוועבּ פֿון ייִדנטום", ה סא רין, שטעגן, סטאַניסלאַוואָוו תרצ"ו. "... זיצנדיק אין ווינקל, אין דער האַלבּ-פֿינצטערניש א"", וויַיס I, אַ פּאָמעניק'.

,

„דערשטיקטע דערפֿעלעך, אין גראָבּנס א'ע",

איינגעוועלצט — אדי, פאַר 'אײַנוועלצן'.
-
אײַנגעוואַלגערט. אײַנגעוועלגערט. אורח
פֿאַרטײַטשט 'מגוללה, (ישעיה, ט, 4): א, [תּי: ,,
געוועלגערט“].
איינגעוועלקט — אַדי, פאַר אײַנוועלקן ←.
--
א'ע בלומען. א'ע לעבנס. ־קייט.
אײַנגעווענדט — אַדי, פאַר אײַנווענדן ←.
[־רגל אײַנגעוואָנדן]. אַן אָפּגעפֿרעגטע, אַן א'ע
טענה. א'ע כּוחות. א'ע בויגנט.
איינגעוועקסט —דזוו אײַנגעוואַקסט. ←
אײַן־־
וועקסן.
איינגעזאָדן — אַדי, פאַר אײַנזידן ←. פּפֿ:
-
~געזאָטן. א, פֿלייש. א'טן אין האַרצן.
,,ור שטופּף דשׂ לוך מיט אין גזוטט וואַכשׂ“,
כּ“י 'ספר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17].
“... דאשׂ איז אַן גיבּרענט, דאשׂ זאָלט מער

זײַן אײַן גיזאָטן...״, בּראנט, פּרק מד. ־
ערהייט. —קייט.
איינגעזאַלבּט — אדי, פּאָר אײַנזאַלבּן ←.
--
א'ע הויט. א'ער מלך. „איצט בּין איך שוין א,
און קען זיך היימיש ▯ילן״, יהואָש, ,
בּאַרגגעוויטער'. ־קייט.
איינגעזאַלצן
לצט. א'ענער נדן = וואָס איז
— אדי, פּאַר אײַנזאַלצן ▯...
־ ▯
אויך: ~געזאַ
אפֿגעהיט פֿיש דיא אײַן גיזאַלצן זײַן טאָר
„ . ▯
מן אַך וואול מטלטל זײַן, דען מן קן זיא אַך
אַזו רוֹא עסן״, לט ▯, עא/א. „מע מוז זיך היטן
ניט צו עסן אַלטע א'ענע ▯לייש״, חא, לבֿ/ב.
פֿעלט אים דען חזיר־שמאַלץ א'ס, האָלץ אָדער
„
קאַרטאָפֿלעס?״, ווײַס II, 'דער איבּערגאַנג'.
־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעזאַמלט — אדי, פּאָר אײַנזאַמלען (זיך)

-

 .. א, געלט. דאָס א'ע פֿאָלק. די א'ע משפּחה. "אילענדיר,... אין דײַן הויש אײַן גיזאַמילט", בּע, כט/א. ,,און, ווען איך אַלי (ימים) און, אײַן גיזאַמלטי וואַשׂר וערן טינט...,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, רכא/ב. "געדענק דאָס פֿאָרכטיק פֿאָלק ישׂראל דיא וואשׂ זענען דאָ א'", מחזור שלש רגלים, טשערנאָוויץ 1848. ,,דער זאַפֿט איז א, אין די קערנער פֿון די יאַגדעס",

הר ש. ז. שניאורסאָן, ספֿר בּרכות הנהנין, וואַרשע 1874. א, ו ו ע ר ן — געהויבּענער אופֿן וועגן נפֿטר ווערן. <'ויאסף אַל עמו', בּראשית, כה, 8, אא. ,,און ער איז א געוואָרן צו זײַן פֿאָלק", תּי, דאָרטן -ערהייט.

.

-קייט.

אײַנגעזאַפּט — אַדי, פּאָר אײַנזאַפּן ←. א'ע

-

פֿליסיקייט. א'ע חכמה, תּורה אע. דאָס אומשולדיק פֿאַרגאָסענע בּלוט, א, אין דער ערד. "אין דער מאָרגנדיקער קילער לופֿט פֿילט זיך דער א'ער זיפֿץ פֿון 'זכור בּרית,", ווײַס, א שטעטל. ,,די א'ע פֿאַרוואָרצלטע מיינונג...",

,
קאָר I. ־ערהייט. —קייט.

איינגעזאַצט — אַדי, פּאַר 'אײַנזאַצן'. פּר.

--

וואָס איז געבליכן אונטן, בײַם דעק (פֿון פֿעסל). "ס'האָט געשמעקט מיט אויסגעשטאַנענע עפּל, מיט א, קרויט און מיטן וואַרעמען קלײַען", י. פּערלע, ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אײַנגעזײַערט

אײַנגעזויגן, ~געזויגט — אַדי, פּאַר אײַנזויגן, אײַנזייגן (זיך) .. דאָס א'טע מיט דער מוטערס מילך. א'ענע ריחות. „די עטישע ענערגיע... ווערט צערונען און א, אין דעם זאַמד פֿון די טאָגטעגלעכע קליינלעכקייטן", — ..

זשיט I, נ"י 1912. "די ליפּן [פֿון יואַמפּיר], א, אין מײַן לײַב„, יהואָש, 'וואַמפּיר'. ־ ערהייט. ־קייט.

איינגעזויערט — אַדי, פּאַר אײַנזויערן ←.

-

פּ: י„געזייערט. א, קרויט. א'ע

פאָמידאָ --

רן. א, פּנים. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעזונגען — אַדי, פאַר אײַנזינגען ←.

-

אַן א'ער ניגון. אַן א'ער כאָר ־ערהייט.

.

—קייט.

איינגעזונטיקט — אדי, פאָר 'אײַנזונטיקן,.

--

וואָס איז דורכגענומען מיט שטימונגען, מיט איבערלעבונגען פֿון זונטיקדיקן טאָג. „כ'קום צוריק פֿון מײַן איינזאַמער שול. זי שטייט איצט אויך א, אין שרעק,,, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי.

איינגעזוניקט — אַדי, פאַר 'אײַנזוניקן'. אַ

-

ביסל אָפּגעברענט פֿון דער זון. דורכגענומען פֿון די זונשטראַלן. צוריקקומען פֿון וואַקאַציע אַן א'ער.

אײַנגעזונקען — אַדי, פאַר אײַנזינקען ←.

-

א'ע אוצרות. א, אין דרערד, אין בלאָטע. האָבן א'ע באַקן. „ער איז אַזוי טיף א, אין די

ליבּשאַפֿט פֿון דער־וועלט“, חה, 235. „די שטאָטחזירים זײַנען געלעגן א, טיף בּיז איבּער די אויערן“, ממוס, ווינטשפֿ. „דער מענטש זינקט אַלץ נידעריקער, בּיז ער ווערט שוין אינגאַנצן א, אין אוממענטשלעכקייט“, יעקב ראַווינסקי, דער פֿאַלשער שולד־בּריעף, וואַרשע 1885. פֿאַרפֿוילטע דעמבּענע שטאַמען וואָס זענען א,

-

אין דעם שליים פֿון אומבּאַקאַנטע צײַטן„, אַש, תּהולים־ייִד. “הויערט א, אין מחשבֿות יעדער“, חג, פּליטים.

א, ו ו ע ר ן. קללה: זאָלסט א, וו, נײַן קלאַפֿטער (איילן) אין דער אַדמה. א, וו, ווי: בּלײַ אין ים, אַ שטיין אין טײַך, ווי די מיצרים אין ים־סוף, ווי קורח. א, וו, ווי אַן אַנקער. „א, געוואָרן בּיז דעם האַלדז אין דלות“, ממוס, קליאַטשע.

־ערהייט. ־קייט.

איינגעזונקעניש — דאָס (די), ־ן. מצבֿ פֿון

--

זײַן אײַנגעזונקען. “שאַ, אַן א, אויף אײַך! — צעשרײַט זיך יענע“, הירש דאָבּי, אפֿ דער וו־סרומישער ערד, מאָסקווע 1947.

איַינגעזיגלט — אדי, פּאַר איַינזיגלען ←.
-
א'ע דאָקומענטן. ״א, אין געשפֿענסט פֿון עיגול,
עפֿן איך די ליפּן״, מאיר שטיקער, צוק,
מײַיוני 1965. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעזייט — אדי, פּאַר איַינזייען ←. א'ע
-
תּבֿואה. א'ע טמיקע קערנדלעך פֿון שׂנאה.
—ערהייט. ־קייט.
איינגעזייערט — אַדי, פּאַר איַינזיַיערן ←.
- -
פּפֿ: ~געזויערט. א'(ע) קרויט. מיט
ציטרין א'ער שטשאַוו. א'ע מילך. א'ע גרינסן.)בּ
פֿאַרטיַיטשט 'כּבֿוש, — ״איַין גיזייארט״. „א'ע

איינגעזייערטס
- -

פּירות אָדער זיי זיַינען געקאָכט אַ בּיסל... מוז
מען זיך וואַשן דערצו... נאָר מע דאַרף ניט
מאַכן די בּרכה על נטילת ידים״, הרבֿ ש. ז.
שניאורסאָן, ספֿר בּרכות הנהנין, וואַרשע 1874.
„דער שפּלער הכנעהדיקער גאַנג, דאָס א',

מאָגער זיפּצעלע...,,, הר, הרודעס. ,,,...
אָפּגעעקלט פֿון דער א'ער ייִדישער גײַסטיקייט“, בּ.
ריווקין, ה. לייוויק.... ־ערהייט. ־קייט.
איינגעזייערטס — דאָס, מצ פּר. 1. יעדער
- -

מין שפּײַז וואָס בײַם צוגרייטן זי זײַערט מען
פֿריִער אײַן אַ באַשטאַנדטייל אָדער דאָס גאַנצע.
,,נאָך דעם אמתן אָקעוויט איז גוט א',,. 2. פֿיג.
שלעכט געשעפֿט. צושאַנצן עמעצן א'.

איינגעזייסט — אַדי, פּאַר אײַנזייפֿן ←. א,
-

פֿנים. א, גרעט. *ער איז (שוין) אַן א'ער =
אַלט, גרוי, שוואַך. *ער איז א, = אַרײַן אין
אַ שלעכט געשעפֿט, דורכגעפֿאַלן פֿאַרפֿירט.

*ער איז ג ו ט א, = ער איז אין אַ שווערער
לאַגע, זעט ניט קיין אויסוועג פֿון איר. *די
אַרבעט איז (שוין) א, = שוין אָנגעהויבן; מען
איז שוין אַרײַנגעטאָן אין איר. ,,זענען מיר דאָ

געבליבן ווי א'״, יפּ. „דער קונה זיצט אַן א'ער און ס'איז אים סומנע אויפֿן האַרצן״, א.
קארפּינאָוויטש, בײַם ווילנער דורכהויף. ־ער—הייט.
איינגעזעג ט — אדי, פּאַר אײַנזעגן ←. אַן --
א'טער קלאָץ. זן ~געזעגן — ״מיט די ציין א'ן״, בּ. לאַפּין, צייכנס. ־טערהייט.
איינגעזענקט— אַדי, פּאָר ,אײַנזענקען'.:Mhd --
în + se⃞ke⃞. געמאַכט עס זאָל אײַנזינקען. „מיט קוועק זילבּר און מיט בּלײַא זײַנט זי בֿור קלייבּט און, עיין [= אײַן] גזענקט„, שמואל הוגרלן, ,ווערפֿל־ליד', 15. י״ה [ריב, קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן...].
אײַנגעזעסן—אדי, פּאַר אײַנזיצן ←. 1. וואָס -
האָט קאָנטיקע סימנים אַז מען איז געזעסן אויף דעם אַ לענגערע צײַט, אַ סו מאָל. א'ענע שטולן. אַן א'ענע קאַנאַפּע. 2. וואָס מע זיצט, מע וואוינט, מע לעבּט דאָרט. אַן א, אָרט. „שיקט מען אַרויס ייִדן פֿון זייערע לאַנגיאָריקע א'ענע ערטער„, ספּ סודות „געהייסן זיך אַרויסקלויבּן פֿון אַלטן א'ענעם קעלער״, סעג,

צעבראָכענע זײַלן ״אַזאַ א'ענע היים — און דאָך אַזאַ שטראָמענדיקע אומהיימלעכקייט״, חיים יצחק בונין, חבֿ„דיש, לאָדזש 1938.

3. סובֿ. תּושבֿ. וואָס לעבט שוין אַ לענגערע צײַט אויפֿן זעלביקן אָרט, אין דעם זעלביקן לאַנד (און זיך צוגעוויינט צום דאָרטיקן לעבן). מיר זענען דאָ א'ענע. „איך בין דאָ שוין באַלד צען יאָר און נאָך ניט קיין א'ענער„. „די א'ענע האַלטן זיך דאָ גרויס, פּונקט ווי קאָלומבוס וואָלט געווען זייער לײַבלעכער פֿעטער״. ״אַ פֿרעמדער און אַן א'ענער בין איך בײַ אײַך״, איבֿ דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 24 XI 1967 ותּי: ״אַ פֿרעמדער אָבער אַ תּושבֿ״...]. „אמת..א'ענע, בכּבֿודיקע לײַט. אײַנגעבירגערטע פֿון דור־דורות אין לאַנד״, ייִז,... קאַרנאָווסקי. א'ענע פֿייגל = וואָס פֿליִען ניט אַוועק. 4. אײַנגעוואָרצלט. „ער האָט גרויס דרך־ארץ געהאַט פֿאַר אַלעם

וואָס איז א', אײַנגעפֿונדעוועט„, אָפּאַ, די טענצערין. ״אַשס שטעטל איז אַן אײַנגעפֿונדעוועטע, אַן א'ענע, ס'טראַכט גאָרנישט רירן זיך פֿון אָרט״, שנ, שלום אַש.

5. וואָס איז טיף אַרײַנגעדרונגען. וואָס עס
איז שווער זיך צו באַפֿרײַען פֿון דעם. אַן
א'ענער הוסט. "ער עלטערט זיך מיט זײַן
א'ענער אַסטמע". די א'ענע שוואַרצקייט פֿון
א קוימענקערער פֿינגער פֿון אַן אײַזן־ברעכער
-
„ .
מיט א'ענעם זשאַווער", זש, טמז, 10 1963 I.
־ערהייט. ־קייט — די לענדער פֿון
אונדזער אַלטער א'. „דער רוסישער פֿאַבריקאַנט,
אַרשאַפֿנדיק זײַן אַרבעטער א', ד"ה געבנדיק

אים אַ דירה, האָט געקענט אים שטענדיק...
אַרויסוואַרפֿן פֿון דער דירה„, ע. טשערניאַווסקי,
דער ייִדישער אַרבעטער אין ווײַסרוסלאַנד,
מינסק 1932.
אײַנגעזע(ע)ן—אַדי, פֿאַר אײַנזען ←. י.,
געזעענע(ר). אַן „..געזען טעותל. „געזעענע
טעותן. ~געזעענע סכנה. ספּעצ פֿטמ דזוו
-
אָנגעזען, חשובֿ. „דער אַלטער איז זייער א,
אין דעם שטעטל„, ישׂראל אָרנשטיין, רעיונות
י)ראָל, יאַס 1893. „דעם גרעסטן טייל טאָג איז

ער געזעסן אין קלײזל איבער אַ ספֿר, ער איז
געווען זייער א, בײַ די אַלע בעלי־בתּים אין
קלײזל‟, ממוס, ווינטשפּ.
אײַנגעזעצט — אַדי, פֿאַר אײַנזעצן (זיך) ←.
דער א'ער אין תּפֿיסה. די א'ע אין מושבֿ־זקנים.
אַ פֿלאָקן, א, אין דער ערד. א'ע פֿלאַנצן. א'ער
דימענט. א'ע געסטקע. אַן א'ער דערקלער־זאַץ.
אַן א'ע שמירה. „זעלכי פֿינגרליך די (אבֿנים
טובֿות) אײַן גזעצט האבן מוז מן (פשיטא)
אויש טאָן פֿאַר דעם הענד וועשן„, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט, תּק„ח, ב/ג. „סע איז שוין בײַ
זיי אַזוי א, געווען... אַז דער עיקר איז נאָר
דאָס געלט„, נחבֿ, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. „אַז
זי האָט א'ע ציין אָדער אַ בייגעלע (מאַטיר
רינגל) אַז זי קאָן אַרויסנעמען, זאָל זי
אַרויסנעמען, און אַז ניט זאָל זי אַ שאלה פֿרעגן
[וועגן חציצה בשעת טבֿילה]‟, ס״ר מקור
הבּרכה II, מונקאַטש תּרנ„ה, נו/ב. „די שרשים
און די יסודות פֿון דער חכמה וואָס זי איז א,
אין די באַשעפֿעניש...„, חה, ז, 118. „
ענגא'ע אין צוויי גרויסע בעל־עגלהשע
פֿאַיעטאָנעס... זײַנען די געסט... צוגעפֿאָרן„, בערג,
אַרום וואָקזאַל.
־ערהייט. ־קייט.

איינגעזשאַווערט — אדי, פּאַר אײַנזשאַווערן
--

←. א, אײַזן. ־ערהייט. ־קייט — די
א, פֿון זײַנע אײַנגעשטעלטע מחשבֿות.
איינגעזשווזשעט — אַדי, פּאַר אײַנזשווזשען
--

←. אַן א, ניגונדל. „גוט איז אַ בּיימל צו
זײַן אײַנגעגדרט אין ליבּשאַפֿט, גוט איז אַ
בּלימל צו זײַן א, פֿון בּינען“, משה יונגמאַן,
אין שאָטן פֿון מלד.
אײַנגעזשמורעט — אַדי, פּאַר אײַנזשמורען
. „מיט זײַנע א'ע אויגן קוקט ער, האָרכט
און וואַרט אויף דער בּאַוועגונג פֿון זײַן האַר“,
אַש, תּהילים־ייִד.

אײַנגעטוליעט

אײַנגעהשכט — אַדי, פּאַר אײַנחוֹשכן ←.
אַ פֿאַרצרהטער און א'ער —ערהייט ־קייט.

. .

איינגעהזירט — אַדי, פּאַר אײַנחזירן (זיך)
--

←. אײַנגעבּרודיקט. א, ווי אַ שוואַרציאָר. א,
אַז ס'איז אַ בּזיון אים אָנצוקוקן ־ערהייט.

·

־קייט.

איינגעהזרט — אַדי, פּאָר אײַנחזרן (זיך) ←.

--

א'ע לעקציע. א'ע לאָזונגען, דערקלערונגען אע. „בשעתן עפֿענען [דעם טויער] שעפּטשעט ער עפּעס אַן א'ן סגולה־פּסוק", משה טײַטש איבּז, ח.־נ. בּ אַליק, אַריה בּעל־גוף ־ערהייט.

'

.

איינגעהלומט — אַדי, פּאַר אײַנחלומען ←.

--

„מיך וועט מען שוין קיינמאָל אינגאַנצן נישט בּאַפֿרײַען פֿון א'ע מוראס", יג, איק, 1 1960 I.

־קייט.

איינגעטאָלט — אַדי, פּאַר 'אײַנטאָלן'. נעאָל.

--

אײַנגעטיילט אין טאָלן. דורכגעשניטן מיט טאָלן. „מײַן וועג — אין טאָלן א'", בּ. לאפּין, דער פֿולער קרוג.

איינגעטאַמעוועט — אַדי, פּאָר אײַנסאַמעווען

-

←. א'ער וואָגן. א'ע פֿערד. א, בּלוט.

איינגעטאָן

— אַדי, פּאַ

]

~ ,[געטין~

גע—   ר אײַנטאָן . . אויו

שרײַבפֿאָרעם ~געטון

טאָנענע(ר). ראָזשינקעס, א'ענע אין טייג.

א, ז ײַ ן ו ו ע ר ן — אַרכ. אומקומען. אַוועקגענומען ווערן. שטאַרבן. ,א, ווערן צו זײַן פֿאָלק, — טוו פֿאַר 'ויאסף אַל עמיו', 'נאסף אַל עמי, — טח, סלל באר התּורה, מ) אאַ. "דאַרום איז אײַן גיטון אונ, צו גין ווערט דאז פֿיך אונ, פֿגיל", שעריר, יב, 4. "אַלי מינים רוחות רעות ווערן אײַן גיטאן פֿון עילם", נצ1, ה/ב. ,,אונ, אויך דאש זעלביג גאַנצע דור איז אײַן גיטאן ווארדן צו זײַנין עלטערין", סהמ, שופֿטים, ב, 10 [,נאספֿו אַל אבֿותיו']. ,,דו ביסט גלײַך צו דער זון, אַז עס קומט בײַנאַכט און זי ווערט א'", נוצ, זשיטאָמיר תּרכ,,ג, רעג/ב.

אײַנגעטאָפּטשעט — אַדי, פּאַר

אײַנטאָפּטשען ←.   א'ע פּאָדלאָגע. אַן א, פֿײַערל. ,,די ניט־א'ע שטרוי האָט אונטער דער לאַסט פֿון איר קערפּער זיך אַראָפּגעזעצט", נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע 1965. -

ערהייט.

איינגעטאָקט — אדי, פּאָר אײַנטאַקן ←.
--
„עפּלצווײַגן... אַ קווייטל אין אַ קווייטל א'“,
ש. רויטמאַן, סאָון, היימלאַנד, 3 1961, No.
אײַנגעטויכט — אַדי, פּאָר אײַנטויכן ←.
 יר פֿאַרטאָג, ווען ניו־יאָרק איז א, אין אַ

„ —
געדיכטער פֿינצטערניש„, טמז, 1968 X 21.
איינגעטוישט — אַדי, פּאָר אײַנטוישן ←.
-
א'ער קויף. אַן א, קלייד. אַן א, פֿינגערל.
־קייט.
אײַנגעטוליעט — אדי, פּאַר אײַנטוליען (זיך)
 -
←. זיצן (ליגן) א, אין אַ קאָלדרע. „די
הײַזער שטייען אין ענגשאַפֿט און אין שטיקעניש,
א, איינע אין דער אַנדערער“, ממוס, 'צוריק
אַהיים'. “אין פֿאַרשאָטנטסטןווינקל פֿון
בּיתמדרש, וואו די נשמות פֿון די טויטע רוען א,

איינס אונטער דעם אַנדערנס פֿליגלען“, אַש,

אײַנגעטון

תּהילים־ייִד. „אין ווייכן קישן ליגט דאָס קינד
אַן א'ע„, אר, 'די מאַמע, פֿליסט... פֿאַרבײַ
—
. „
א'ע עופֿעלעך־גרעזלעך“, הל, בלאַט...
עפּלבּויס ־ערהייט. ־קייט.
איינגעטון — ← אײַנגעטאָן.
-
אײַנגעטונקט — אַדי, פּאַר אײַנטונקען (זיך)
←. פּפֿ: ~געטונקען. מרור, א, אין
חרוסת. כּרפּס, א, אין זאַלצוואַסער. טרוקן בּרויט,
א, אין ראָסל פֿון הערינג. א, אין ייִדישקייט,
אין תּורה. א, אין יחוס. א, אין גאָלד און אין
סאַמעט. א, אין חובֿות. א, אין פֿאָלקלאָר. א,
אין טרמאה, אין זינד אע *ניטאָ פֿון עמעצן קיין
א'ע פּ ע ן = ניטאָ קיין שום בּריוו. אויך:
... א'ע פֿ ע ד ע ר. *ניט נעמען קיין א'ע
פּ ע ן = קיין שום שריפֿטלעכע גאַראַנטיע.
„האָט זיך געמאַכט אַ בּײַל, זאָל מען פֿלײַסיק
צולייגן טיכלעך, א, אין קאַלטן וואַסער“, תּעלה
ארוכה, לבֿובֿ 1850. „אויפֿן גאַנצן עולם־הזה

ליגט אַ טרויער, אַלץ איז א', אײַנגעהילט אין
עצבֿות“, פּרץ, חסידיש. „די לאַנגע גאַס וואָס
איז געווען בּאַזעצט מיט ייִדן איז ניט געווען א,
אין בּיימער“, אַר, 'דער בּוים'. „דער הימל... אַן
אַלט־צעריסענער טלית, א, אין בּרדיק
וואַסער„, א. וויעוויאָרקאַ, הימעל און ערד,
לעמבּערג 1909. „אינדזלען, א, אין בּלאָ, קומען
קעגן זון צו שווימען“, יהואָש, 'זומער־זון,.
־ערהייט — „איילבּערן... א, האָט ער זיי
פֿאַר זיך געלייגט„, זרעיס, צ/ב ־קייט.
-
.
איינגעטונקלט — אַדי, פּאַר אײַנטונקלען ←.
-
אין א'ן שפּיטאָל־צימער. „א, דער וועג“, יג, פֿון
מ ן. ן גאַנצער מי. ־קייט.
אײַנגעטונקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). וורר.
אוקר. פּירעזשקע (און בּכלל עפּעס וואָס איז
געמאַכט פֿון טייג) וואָס פֿאַרן עסן טונקט מען
אײַן אין צעלאָזענער פּוטער אָדער אין אייל.
אײַנגעטוקט — אַדי, פּאַר אײַנטוקן (זיך)
←. אַן א'ע(ר) אין מקווה. „די לאָנקע איז
פֿאַרגאָסן מיט אַ טוי־זילבּערנעם טײַך, און אין
דער מיט שטייט חבֿרה א'„ וויס, אַ שטעטל.
אײַנגעטושקעוועט — אַדי, פּאַר

אײַנטושקעווען ←. „די מאַנצבילן האָבן ביידע
ווײַבער געטראָפֿן א, אין לעצטן ביסל אָוונט־ליכט„,
הר, הרןדעס.
אײַנגעטײַטשט — אַדי, פּאַר אײַנטײַטשן ←.
א'ער פּסוק. א'ע פֿרשה. א'ע רייד. ־ערהייט.
—קייט.
אײַנגעטיילט — אַדי, פּאַר אײַנטיילן (זיך) ←.
א'ע פֿאָרציעס ברויט. די א'ע פֿעלדער. א'ע
אַרבעט. א'ער כּבֿוד. א, אין גרופּעס, כּיתּות אע.
"דער שׂכל איז א, אין חכמה, בינה, דעת",
חב"דיש. „דער באַשאַף איז א, אין פֿיר
מדרגות: דומם, צומח, חי און מדבר", תּניא, ק.
„דאָס ספֿר... איז א, אין פֿינף שערים", משל
הקדמוני, ווילנע 1816. „ווײַבערשע קליידער
זײַנען אַ שווערע הלכה. די הלכה איז א, אין
פֿיר חלקים", ממוס, 'צוריק אַהיים'. „
ארץ־ישׂראל איז געווען א, אין 24 מעמדות וועגן
די קרבנות צו ברענגען„, זרעיס, קיט/ב. „ייִדן,

1116

א, אריף רעכטס און לינקס. אויף רעכטס
באַטײַט: דערווײַלע נאָך צום לעבן", סעג, איצטער.
־ערהייט. ־קייט — "אין וואָס עס

בּאַשטייט די א, פֿון שלחן־ערוך...“, דר, נ. ה.
עהרמאַן, דער שלחן ערוך, וואַרשע תּרפּ“ז.

אײַנגעטײַעט — אדי, פּאַר אײַנטײַען →.
,,יעדער איינער איז געזעסן א',,, הל, טמז,
20 1957 ▯ I.

איינגעטיכלט — אַדי, פּאַר אײַנטיכלען →.

▯

א'ע האָר. “דאָס גאַנצע פּנים איז בײַ אים
געווען פֿאַרוויקלט און א, אין זיבּן טיבער“, נאַד.

▯

איינגעטינוסט — אַדי, פּאַר אײַנטינופֿן (זיך)
-
→. א'עווינדעלעך. א'ע הענט. ־ערהייט.

אײַנגעט▯עט — אַדי, פּאַר אײַנטיִען →. א'ע
קינדער. מיט אַ פֿעטן א'ן קאַרק. ,,אַן אַסאָבּע...
מיט אַ בּויך. און אַזוי וואַר זײַן ווײַבּ אויך אַ
פֿול מענטש. בּיידע גוט א, ווי גרויסע
בּעליאַכסניות,,, אמד, דער רענדיל, ווילנע 1868.
־קייט.

אײנגעטיסט — אַדי, פּאַר אײַנטיפֿן (זיך)
-
←. זיצן א, אין מחשבֿות. אַן א, געמעל.
"דאָס קינדעלע ליגט מיטן פּנימל א, אין
מוטערס שויס" פֿאַלבן זיך אין די טונקעלע
. ,,...
א'ע ערטער", ווײַס III, 'אַ וואַלדמיידל'. ,,שטייט
ער, א, אין הוריות", צײַט, מטטרון. ,,שטומע
שטיינער... אין זיך א'ע אויגן,,, בּ. לאַפּין,
צייכנס. ,,מיט אומעט... אין די שטערנס
א'ע", אפֿא, וו .סע שטאָט ־קייט — ,,
אָפּ.
ווישן אָט די א"", הל, טמז, 6 1951 I.
אײנגעטעמט — [... טאַ'עמט] אַדי, פּאַר
-
'אײַנטעמען'. געמאַכט עס זאָל זײַן באַטעמט.
ודאָס האָט אין זיך אַ (באַזונדערן) טעם. א'ע
מאכלים. א'ע פֿערזן.
אײנגעטעמפּט — אַדי, פּאַר אײַנטעמפּן ←.
--
אַן א, מעסער. א'ער קאָפּ ־קייט.
.

אײַנגעטענהט — אַדי, פּאַר אײַנטענהן ←.
א'ע קריוודעס. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעטראָגן — אַדי, פּאַר אײַנטראַגן ←.
אַן א'ענער מלבּוש פֿאַרנאָטירטע, א'ענע
טראַנ.
סאַקציע ־ערהייט.
.
אײַנגעטראָטן — אַדי, פּאַר אײַנטרעטן ←.
לד אויך: ~געטרעטן. א'ענער וועג. א'ענע
פּאָדלאָגע. "ציגל און, ליים... אַן גימאַכט
און, איין גיטרעטן פֿון דער בלוט פֿון ישׂראל",
טח, שמות, יד, 24. "זײַנען געלעגן קעגן דער
זון א'ענע שטיקער פֿעלד,,, אָקש, קינדער פֿון
איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928 ־ערהייט.
.
־קייט.
אײַנגעטראַכט — אַדי, פּאַר אײַנטראַכטן (זיך)
←. ענטפֿערן א'. ,,געגעסן האָט מען זאַכלעך,
א, און שטיל", פּמ, מלחמה I. ־ערהייט.
־קייט.
איינגעטראַמבּעוועט — אַדי, פּאַר
אײַנ־־
טראַמבּעווען ־ ... "ביז די א'ע ערד דערגרייכט
ניט קיין 150 — 200 ממ...", נ. סאַכאַרני איבּז,

ל. פֿרומין, וואָס דאַרף מען וויסן... וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932.

איינגעטראַ פּלט — אַדי, פּאַר איַנטראַמפּ־־

איַנגעטשעפּעט

לען ←. ״קוים אַרויסגעשלעפּט אירע פֿיס פֿון דעם געל־געוואָרענעם שניי אויפֿן א'ן שליאַך״, חג, טמז, 8 1960 I. ״טעג זיַנען צעלייגט געוואָרן ווי רעלסן אויף... א'ע בּלאָטעס״, ש. בּרעגמאן, אפֿנ מיזרעכ איז אומרואיק, מאָסקווע 1934 ־ערהייט ־קייט.

. .

-

איינגעטראָסן — אַדי, פּאַר איַנטרעפֿן (זיך)

- ￼

￼. א'ענע האָפֿענונג. א'ענער גאַנג בײַם שפּילן שאָך. ־קייט.

אײַנגעטרויט — אַדי, פּאַר אײַנטרויען (זיך) ←. אַן א'ער שליח. א'ער סוד. „שיק איך אײַך איינעם וואָס איך בין אין אים א, אין אַלע עסקים“, ר, יעקבֿ מדובנא, משלי חכמה (שמות), ווילנע תר“ן, ב/א. ”די ערשטע געדאַכטע מענטשן זײַנען געווען אין דיר א'“, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. „די שטאָט־בהמות [= עולמגולם] זענען אין אים אַזוי א', ווײַל... ער קויפֿט אַלע יאָר חתן־תּורה„, אַל“ק, גליקליכע פֿאַמיליע, וואַרשע 1881 ־קייט.

.

איינגעטרויעריקט — אַדי, פּאַר '

אײַנטרויעריקן'. צוגעוויינט, אײַנגעלערנט צום טרויערן. יג, איק, 1964 II 21.

איינגעטרונקען — אַדי, פּאַר אײַנטרינקען --

←. א, אין לבֿנה־שײַן.

אײַנגעטריבן — אַדי, פּאַר אײַנטרײַבן ←. די א'ענע בהמות.

אײַנגעטריקנט — אַדי, פּאַר אײַנטריקענען

--

← . א, געהילץ. א'ער בוים. א'ע ביינער. אַן
א, פּנים. מלל פֿאַרטײַטשט 'ושנים צומקים,
(הושע, ט, 14): ,,אין גיטרוקינט,, [תּי ,,און
בריסט פֿארדארטע]. א, וו אַ פֿאַראַיאָריקער
י

-

אתרוג. א, ווי בײַ דער באָבען. "דאָס פּנים
איז אַזוי שוואַרץ און די הויט א', געל", ווײַס
I, 'קליינע שטעטלעך'. ,,די אָרעמס הענגען א,
ווי אַלטע לאָגלען", יהואָש, 'מדבּר'. א, ו ו ע -
ר ן — "דער באַך דער דא פֿון דורטן קומט
(יחרבֿ) ווערט אײַן גיטרוקנט אונ, אײַן גידרט
אוף איבג", סהמ, איובֿ, יד, 11. ,,פֿודאַגרע...
דער שינביין ווערט א'", תּעלה ארוכה, לבֿ
)185. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעטרעטן — דזוו אײַנגעטראָטן ←. ,,הבּ
-
דיך גיזעהן אײַן גיטרעטן אין דײַן בלוט" [איבּז
מתבּוססת בּדמיך', יחזקאל טז,], חה, אַמשט,
1716, קכג/א. "מעכשׂטו אום דײַן חבֿר... ניט

צו הש״י בעטין, ווערשט דו איין זינדיגער גירופֿן, אַז וויא ווערשט אין זינד אײַן גיטרעטן,,, עיון, לט/ב. ,,די א'ענע סטעזשקע צו געוואָר ווערן זײַן וואָרהייט״, חה III, צז.
איינגעטשאַדעט — אַדי, פּאַר אײַנטשאַדען

-.
(זיך) .. א'ער קאָפּ. א, פֿון אַ תּאווה. א, פֿון דערפֿאָלג —קייט.
.
איינגעטשוועקעט — אַדי, פּאַר אײַנטשווע־־
קע(ווע)ן ←. ״ער בלײַבט שטיין ווי א, אויף איין אָרט״, זש, דער ממזר. ־ערהייט.
אײַנגעטשעפּעט — אַדי, פּאַר אײַנטשעפּען
.. אַן א'ע סטענגע אין די האָר. ״זיי ווערן אײַנגעצעפֿעט אין פֿיל צרות,,, שלמה אַנאָווסקי,

עקדת יצחק, וואַרשע תּרע״ג. ־ערהייט.
־קייט.

אײַנגעיאָגט

איינגע אָגט — אַדי, פּאַר אײַניאָגן (זיך) ←.
׳

--

א'ע פֿערד. די פֿריִער אָפּגעשטאַנענע און
דערנאָך א'ע תּלמידים —קייט.
.
אײַנגעיאָזשעט — אַדי, פּאַר אײַניאָזשען זיך
←. אײַנגעדרייט ווי אַ יאָזש. „אַ געזעמל
מענטשן — אײַנגעפֿאַלענע, א'ע, מיט
שפּענצערס שוואַרץ־גרויע“, מענדל מאַן, בײַ דער
ווײַסל.
איינגע אָמערט — אַדי, פּאַר אײַניאָמערן ←.
׳

-

א'ע חורבן־פּאָעזיע. ־קייט.
איינגעיוירט — אַדי, פּאַר אײַניוירן ←.
--
א'ער אָבער נאָך ניט קיין אויסגעיוירטער ווײַן.

-

איינגע󰁏ום־טובט — אַדי, פאַר איַניום־טובֿן

-

←. אַן א'ער עולם. אין אַן א'ער שטימונג.

איַנגעיהוסט — אַדי, פאַר איַניחוסן ←.

אַן א'ער דורכן שידוך.

איינגעי󰁏דישט — אַדי, פאַר איַנייִדישן ←.

-

אַן א'ע גרטע. אַ שפּראַכלעך א'ער שרייַבער.

-

איינגעישבנט — אַדי, פאַר איַנישבֿע(נע)ן

--

󰁏.. דער א'ער אין תּפֿיסה. א'ער גנבֿ.

󰁏

איינגעבישוסט — אַדי, פאַר איַנכישופֿן ←.

-.

„דער וואָס איז ניט א, אין דעם
אידייעןקרײַז...„, שנ, לעזער, דיכטעך, קריטיקער I.

-

איינגעכתיבהט — אַדי, פּאַר אײַנכּתיבֿהן ←.

--

א'ער לכּבֿוד. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אײַנכאַפּן ←. די

-

א'ע אין דער נעץ. א, געלט. א'ע שמונה־עשׂרה.
־ערהייט. ־קייט.

איינגעכמאַרעט — אַדי, פּאַר אײַנכמאַרען

-.

זיך ←. א'ער הימל. א, פּנים. ־ערהייט.
־קייט.

איינגעכמורעט — אַדי, פּאַר אײַנכמורען זיך

--

←. בּייזע א'ע פּנימער. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעכראַקעט — אַדי, פּאַר אײַנכראַקען

-

←. א'ע פּאָדלאָגע. ־ערהייט.

איינגעלאַד(י)עט — אַדי, פּאַר אײַנלאַד(י)ען

-

→. א'ער סכסוך. א'ער שלום־בית. ,,.... האָט
זיך אָנגעהאָרעוועט, אָבער עס איז געווען בײַ
איר אַלץ א',,, ש. בעקערמאַן, טר‏.ער משרת,
וואַרשע תּרמ,,ג.
אײַנגעלאַדן
— אַדי, פֿאַר אײַנלאַדן →. דטשמ.
-
א'ענער גאַסט. א'ענע פּאַרווײַלערס. ,,אויף דעם
גרויסן יום־טובֿ פֿון דער נאַטור זײַנען אַלע
א,“, בעם I. ,,האָט די קהילה... דעם חיימלען
אויף אַ פּראָבע אויף שבת אײַנגעלאַדנט“, ז.
מוירער, זײַ נישט קיין ווײלער יונג II,
טאַרנאָוו 1925 ־ערהייט.
.
אײינגעלאָזט, ~געלאָזן
— אַדי, פֿאַר

אײַנלאָזן (זיך) →. א'ער שאַנס. א'ענער שידוך.
א'ע פֿאַרע. ־ערהייט.
אײינגעלאָנטשעט — אַדי, פֿאַר אײַנלאָנטשען
--
→. א'ער עלעקטרישער שטראָם.
אײינגעלאַף
— דער (דאָס), ־ן. פּפֿ: ~

געֿ־
לויף. אָנלויף, צונויפֿלויף. סומאַטאָכע. אַן א,
ווי אַ גוטער־ייִד וואָלט געקומען.
איינגעלאָפֿן
— אַדי, פֿאַר איַנלויפֿן ←. א'

ע1117

נער מהלך. א'ענע סחורה. א'ענע וועקסלען.
אַן א, קליידל. גלידער א'ענע פֿון קעלט. „האָט
די א'ענע ברוסט, דאַר ווי אַ וואַשברעטל, זיך
געצויגן אונטער דער אָנגעצויגענער בלוזע“,
אָפּאַ, 'פֿיַערדיקע צלמים'. „מיר האָבן באַמערקט
ווי א, די [שפּיטאָל־]דעקעס זיַנען„, טמז,
16 1961 I. ־ערהייט.
איַנגעלאַשטשעט — אַדי, פֿאַר
איַנלאַשטשען ←. אַן א, קינד. ־ערהייט.
איינגעלאָשן — אַדי, פֿאַר איַנלעשן ←.
-
א'ענע שׂריפֿה. א'ענע לאָמפּן. א'ענע באַגערן.
„די ליבשאַפֿט, א, אין מיַין לײַב, וואָלט ווידער
זיך צעגליט“, סוצ, פֿעסטונג. „די א'ענע
שטעטלשע עכאָס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן

פֿונדערוויטנס“, שזר, טמז, 20 1964 .IX ־
ערהייט.
איינגעלוהט — [... לואַכט] אַדי, פּאַר '
איין־־
לוחן'. נעאָל. איינגעשטעלט אויף שטענדיק ווי
אין לוח? „ייִדיש... אַ לשון, א, אין שטח און
מרחק„, אַ רהם רינצלער, 1957.
איינגעלויף — ← איינגעלאַף. „איך הייב
־
אויף די אויגן — אַן א, ביי אונדז אין שטוב“,
שע, ,היינט איז יום־טובֿ'.
איינגעליבט — אַדי, פּאַר איינליבּז זיך ←. א
רעדן (פּלאַפּלען, זיך היצן אאַ) ווי אָן א'ער.
־־

א, ווי אַ ייִנגל. „ער שרייַבט צו... טאָבטער,
אין וועלבער ער איז א, שטערבלעך“, דער
בעקאַנטער דאָקטאָר, וואַרשע 1882 [ייִפֿאַ 1938,
]. ־ערהייט. ־קייט — די א, ווערט ניט
שוואַכער.
איינגעל(י)ולעט — אַדי, פּאַר איינל(י)ולען
←. פּפֿ: ~געליוליעט. אַן א, עופֿעלע. א,
פֿון פֿאַרפֿירערישע ריידעלעך. „זיצן ביידע...

פֿון דעם קדושין־ווײַן באַרוישטע פֿון די
פֿיד,
לען א',,, הר ,אונטער גאָטס הימלען'. ־
ערהייט. ־קייט.
איינגעליטן — אַדי, פֿאַר 'אײַנלײַדן (זיך)'.
-

וואָס האָט אַ סך געליטן. וואָס איז צוגעוויינט
צום לײַדן. ״,,מיר זײַנען שוין א'ענע און
פֿאַרליטענע״. ־קייט.
איינגעלייבלעכט — אַדי, פֿאַר ,
אײַנלײַבלע־ --
כּן'. נעאָל. פֿאַרקערפּערט. אײַנגעקערפּערט.
וואָס האָט באַקומען אַ גופֿישע פֿאָרעם. ,,אידייען
שיסן זיך צוריק אַרויף, א'ע אין זאַפֿטיקן א
וואָרט,,, ב. ריווקין.
אײַנגעלייגט — אַדי, פֿאַר אײַנלייגן (זיך) ←. א
--

דאָס א'ע האָלץ. די א'ע סקירדע היי. א, קרויט.
געלט. א, הדיז, א'ע פֿעסטונג אע. א, אי א
ן
א'ע אוגערקעס. א'ע קאַרשן, אַגדעס אע. א,
י

צווייען, אין דרײַען אאַזוו.

א'ע ק ל י ס ק ע ס — געמאַכט פֿון געריבענע קאַרטאָפֿל אָדער (און) פֿון טייג וואָס איז שיטער און מע שעפּט מיט אַ לעפֿל. אַזוי אויך: א'ע ק ל ו י צ ק ע ס. א'ע ז ו פּ — געדיכטע, געבּרענטע זופּ. ״איין אין גליגטי זופף, אודר א גיבּרענטי זופֿף, דז דשׂ מיינשׂט קלומפּן אודר קליס זענן, זאָל מן ערשט אין לעפֿל נעמן פֿון די קליס אונ, זאָל איין בּרכה מאַכן בּורא מיני

איינגעליפנעט

--

מזונות...,,, ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת שלמה אַמשט תּק״ד.

*ל י ג ן (אויך: ז ײַ ן) א, = זײַן בּײַ זיך שטאַרק געפֿאַלן. זיך ניט אַרויסרוקן, זיך ניט אַרויסשטעלן (אויס מורא, דערשלאָגנקייט, אויך אַנדערע מאָטיוון וואָס קענען ניט אַרויסרופֿן קיין דרך־ארץ); שטומען, ניט רעאַגירן (ניט ענטפֿערן אויך אויף אַן עוולה). אָפֿט געניצט אין באַפֿעלן צו קינדער, צו שוואַכע אָדער חוצפּהדיקע, אָדער ווי אַ וואָרנונג. ,,אַ ייִד איז

אין גלות, מוז ער ליגן א'„, שוו. ליגן א, ווי
אַ געשלאָגענער הונט, ווי אַ מאַלפּע, ווי אַ
וואַמפּ. „אַז מע טאָר ניט און מע קען ניט,
ליגט מען א'“, שוו.
„ירקות אין עסיק א, מאַכט מען פּרי
האדמה“, שלחן ערוך, אָרט? יאָר? „דער נדן
איז נאָך געווען א', דער שווער האָט מורא
געהאַט אַרויסצוגעבן דאָס שלישות“, פּרץ, ,עלנט'.
„ווען ס'איז געוואָרן גאָר געפֿערלעך, האָט...
[ער] זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין הויז און
איז אַ צײַט געווען א'„, באַש פֿון מײַן טאַטנס
בית־דין־שטוב. „אַרום אַ יאָר צײַט איז ער...
געלעגן א', אַרומגעגאַנגען אַ מרה־
שחורהדיקער„, ש. סײמאָן, טאָג, 28 XI 1958.
־ערהייט. ־קייט.
ײַנגעלייגטס — דאָס, ־ן. 1. שפּײַז וואָס
־
בײַם צוגרייטן זי האָט מען געדאַרפֿט דעם
האַלב־גרייטן פּראָדוקט אָרײַנלייגן אין אַ
פֿליסיקייט (וואַסער, מילך, האָניק אע) און לאָזן
קאָכן. א'ן: געגאָסענע טייגלעך פֿון מעל מיט
אייער, געקאָכט אין מילך; פֿאַרשיידענע פֿאָרמען
פֿון טייגלעך, געפּרעגלט אין האָניק; יעדער מין
מעלשפּײַז (ספּעצ פֿון קוקורוזע־מעל), געקאָכט

אין וואַסער; לויזע קליסקעס אין זופּ אאַ.
ספּעציפֿישער נאָמען אָפּהענגיק פֿון געגנט. "
רשעושׂין א, מקמח וביצים על כולם מבֿרך ברכתו

הראויה,,, הר□ יצחק־אײַזיק יהודה־יחיאל
[ספֿרין] מקומרנא, שלחן הטהור, ת"א תשכ,,ה.

,,אַן א, מיט פֿאַר□ עלעך,,, שע, בלאָנדזענדע
שטערן II.

2. יעדער מין שפּײַז וואָס פֿון צוגרייטן זי
ביזן עסן מוז אַוועקגיין אַ געוויסע צײַט. אַזוי
האָט מען גערופֿן די מילכיקע שפֿײַז וואָס מע
האָט ערבֿ יום־כּיפּור צוגעגרייט אויף צום עסן
בײַם אָפּפֿאַסטן.
ייִנגעלייזט — אַדי, פֿאַר אײַנלייזן ←.
--

דאָס א'ע געלט. ־ערהייט.
ייִנגעלייענט — אַדי, פֿאַר אײַנלייענען (זיך)
-

←. אַן א'ער טעקסט ־ערהייט ־קייט.

. .

ייִנגעלייף — דער (דאָס), ־ן. דזוו

אײַנגעלאַף. "אוד[ות] העסק ביש בק,,ק בריסק איי"1
גיליף [דאָ רעדט זיך וועגן איבערפֿאַל פֿון
סטודענטן אויף ייִדן, וועגן 'שילער־געלייף'],,,

'תּקנות ועד שפ״ז, [פּנקס מדינת ליטא, בּערלין תּרפּ,,ה].
ייִנגעליפּנעט — אַדי, פּאַר 'אײַנליפּנען'.
-
סל. צוגעקלעפּט, אײַנגעקלעפּט. ,,
פֿונאַנדערגעשפּיליעט דאָס א'ע כאַקי־העמדל אויפֿן לײַבּ,,,
מאָטיע דעכטיאַר, בּויער, מינסק 1936.

אײַנגעלעבּט
איינגעלעבּט — אַדי, פּאַר אײַנלעבּן (זיך)
-
←. אַן א'ער פֿאַרמעגן. צווישן זיך א'ע פֿרײַנד.
,,אויפֿגעהאָדעוועט און א, אין ייִדיש אומגליק״,
סעג, מײַנע זיבּן אָר אין תּל־אָ י , בּ״א 1949.

־ערהייט. ־קייט — ״שווער ווי דער תנך
זאָל ניט זײַן... אַזוי פֿיל נאָענטקייט און א'״,
קאָר I. ,,וויפֿל היימען זײַנען פֿאַרלאָזן געוואָרן,
וויפֿל א, איז צעשטערט געוואָרן״, סעג,
געבּרענטע טריט
איינגעלעגן — אַדי, פּאַר אײַנליגן (זיך) ←.
-
וואָס מען איז אויף דעם געלעגן אַ לענגערע

ציַיט. . דוווו. א'ענע פֿערענע. ,,דער מאַטראַצל
איז געוואָרן... העכסט א, און האַרט", אמד,
פֿייגעלע די עגונה ווילנע 1875 ־ערהייט.

.

איינגעלעגערט — אַדי, פּאָר איַינלעגערן →.

-

א'ע עפֿל. באַהאַלטענע, א'ע סחורה. "ליג איך
אַזוי... אויפֿן אונטערגעשפֿרייטן וואַטניק וואָס
איז שוין אַזוי א, אַז ער איז האַרטער... ווי
די ציגל פֿונעם אויוון", ט. גען, סאָוו, היימלאַנד,
5 1968, No. ־ערהייט. ־קייט.

איַינגעלערנט — אַדי, פּאַר איַינלערנען (זיך)

-

.. א'ע רייד. א'ע תּורה. אַן א'ע ייִדישקייט.
א'ע פֿירונגען. "אַזוי האָט ער [אַבֿרם]
אַרויסגעפֿירט זיַינע א'ע", תּי, בראשית, יד, 14
['חניכיו']. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעמאָגערט — אַדי, פּאַר איינמאָגערן

-

.

(זיך) →. א'ע פּריזיוניקעס. ־ערהייט.
־קייט.

איַינגעמאַטערט — אַדי, פּאָר איַינמאַטערן
(זיך) →. א'ע אַרבעטאָרין. א'ע פֿערד. אַן

א'ער פֿון שטענדיקער אַרבעט. א, קערפּערלעך
און גײַסטיק. ־ערהייט. ־קייט — ,,דאַרף
מען אונטערשיידן א, און מידקייט. מע קען
אַמאָל זײַן רעכט אײַנגעמאַטערט און דאָך
ניט פֿילן קי ן שום מידקייט“, ט. בערלס,
מענטשמאַשין, קיִעוו 1927.
איינגעמאַכט — אַדי, פּאַר אײַנמאַכן (זיך)
-

 .. דראַטווע, א, אין זויל. אַ פֿונדאַמענט, א,
אין זאַמד. אַ טלית מיט א'ע ציצית. ראָזשינקעס
א'ע אין טייג. גוט פֿאַרפּאַקטע, א'ע סחורה.
אַן אײַנגעשמירט, אַן א, פֿנימל. א'ע ויינדעלעך.
אַ פֿאַלשער, אַן א'ער חשבון. א'ע פֿ ר ו כ ט ן
— יעדער מין פֿרוכט וואָס ווערט פּרעזערווירט
אין אַ פֿלאַש אָדער קענדל אָדער אַנדער מין
כּלי מיט דער הילף פֿון צוקער און אדיך
אַנדערע אויפֿהיט־מיטלען. אַזוי אויך א'ע אַ ג ד ע ס.
א'ע פֿ י ש — א) געוויינטלעך מאַרינירטע פֿיש;
כּ) אויך: פּרעזערווירטע געפֿילטע פֿיש (ב“י).
א, פֿ ל י י ש — א) געפֿעקלט; בּ) געדושעט,
געדע פּט. א'ע ג ר י נ ס ן — גרינסן־סאַלאַט,
צוגעפֿראַוועט מיט אייל, אָדער אַ זויערס אע.
א'ער א י נ ג בּ ע ר — אײַנגעמאַכטס פֿון

אינגבער. א'ע ר ו י ז ן — אײַנגעמאַכטס פֿון
רויזן־בלעטלעך. א'ער ר ע ט ע ך — א)
אײַנגעמאַכטס פֿון רעטעך; ב) דורכגעמישט מיט זאַלץ
אָדער אַ זויערס.
,,ווען מן צימוז אין מאַכט אָדר ירקות,
מאַכט מן דריבר 'בורא פּרי האדמה', זונדר

1118

אַליין רעטיך אין גימאַכט מאַכט מן דריבר
'שהכל', דען מן פֿלאַנצט אים אַזוי רוי צו
עשׂין... אין גימאַכט אינגבר אונ, פֿעפֿיר מאַכט
מן 'בורא פֿרי האדמה', אין גימאַכט אתרוג —
'בורא פֿרי העץ'", שה, נו. ,,איבר איין גמאַכטן
שלאַטן [= סאַלאַטן] מיט עסיק אונ בוים אייל
מכט מן 'פּרי האדמה'", שלחן ערוך, [
זשאָלקעוו? אָנהייב 19. י"ה]. ,,ווען עס מיגליך איז,
זאָל מן זעלכע מזוזת האָכן דיא אין איין
בלעך אײַן גימאַכט זײַנן", עפּש, דרך הישר
לעולט הבא פּפּדמ, תּמ"ה?, ע/א.

־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעמאַכטס — דאָס, ־ן. פֿרעזערווירטע
שפּײַז פֿון אַ פֿרוכט, יאַגדע, גרינס, געפֿרעגלט

אין צוקער. אַ טאָפּ א'. אַגרעסן־א'. קאַרשן־א'. עפּל־א'. אתרוגים־א'. רויזן־א'. א, פֿון פּאָרעטשקעס. אַ טאַץ (טעצל, טעלערל, שעלכל) א,. מאַכן א'. פּרעגלען א'. "בײַ אונדז אין רײַסן האָט מען א, גערופֿן — וואַרעניע א, האָט געהייסן נאָר רעטעך, געפּרעגלט אין האָניק", רייד (שטעטל לעבן מינסק). ,,ווען מע האָט צעשניטן בוריקעס אָדער מערן אויף דינע און לאַנגע לאָקשעלעך און עס געפּרעגלט — דעמאָלט האָט עס ערשט געהייסן א',,, אַר, ייִשפּ ,
1. אַ פֿײַנער כּיבוד: לעקעך און א'.

א ו י ס א'! = אויס גליקן, אויס גוטע צײַטן. *דעם אַ ר ע מ אַ נ ס א'=א) איר וועגן עפּעס וואָס דאַרף כּלומרשט זײַן גוט; ב) הנאה פֿון געשלעכטלעכן פֿאַרקער. זיס ווי א'. זיס ווי דעם אָרעמאַנס א,. *עס העלפֿט ווי דער רביצינס א, = עס העלפֿט לחלוטין ניט. ,,זינט איך פּרעגל א', האָט זיך מיר דאָס (אַזוינס) ניט געטראָפֿן" (אויך: ,,זינט איך האַנדל מיט א', איז נאָך אַזאַ א, ניט געווען"; אויך: ,,זינט גאָט פֿרעגלט א'..., האַנדלט מיט א'...") = איר אָפּרוף ווען עמעצער דערציילט וועגן אַ וואונדערלעכער זאַך וואָס האָט געטראָפֿן מיט אים. "ווער עס האָט ליב א, — זאָל קומען צו מיר...,,,

פֿול וועגן מאָטקע כאַבאַד (אויך וועגן אַנדערע ווילנער וויצלינגען) — געוואָלט וויסן וויפֿל מענטשן אין ווילנע (אַנדערע מקומות) האָבן ליב א'. "דער שכנהס א, איז זיסער (בעסער, זיסער און בעסער)"; "אַפֿילו א, עסט זיך אויך צו", שוו.

,,כל המיני אײַן גמאַכטץ מאַכט מן די ברכה וואָשׂ קער צו דר פּרי", שלחן ערוך [זשאָלקעוו? אָנהייב 19. י"ה]. ,,אויף א, פֿון מערן, ריבן, בוריקעס, רעטעך, כריין, אינגבער — בו"פּ [= בורא פּרי] האדמה", ברכות מנחט [קעניגסבערג תרי"ח], עא/א. ,,אין לשלח לעקאַך ואײַנגימכטץ על החתונה, גם להיולדות לא ישלחו כנ"ל", 'תקנות ועד תנ"ה, [פּנקס מדינת ליטא, בערלין תרס"ה, 231]. "ווען מן צו מאָרגנשׂ אין גימאַכטישׂ עשׂט אודר לעקוכן און, טרינקט בראַנדי ווײַן, מאַכט ער ערשט ברכה איבר לעקיך און, אין גימאַכטשׂ און, דער נאָך איבר בראַנדי ווײַן", ה, נז/ד. ,,איך פֿאַרגלײַך אונדז צו אַ קראַנק קינד, אַז מע באַדאַרף אים אײַנגעבן רפֿואות, מוז מען אים פֿאַרמישן אין צוקער אָדער אין א,", יפּ, הקדמה. ,,ייִדן הונגערן און קרענקען... די גבֿירים

אײַנגעמידט

העלפֿן זיי — מיט א', מיט לימענעס״, פֿרוג II,
אַ בריוועלע'.

'

אין על — א, = פֿעטס, געמישט מיט בוימל.
אײַנגעמאָלדן — אדי, פֿאַר אײַנמעלדן (זיך)
→. אַן א'ענער אין פּאָליציי. *א, בײַם
מלאךהמוות = איז געפֿערלעך קראַנק, איז אַ חולה
מסוכן. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעמאָנט — אַדי, פֿאַר אײַנמאָנען →.
א'ער חוב. א'ע שטײַערן. א'ע עוולות. ־
ערהייט. ־קייט.
איינגעמאָסטן — אַדי, פֿאַר אײַנמעסטן →.
--
א'ענע סחורה. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעמאָסטעט — אַדי, פֿאָר אײַנמאָסט(י)ען
(זיך) →. ״אויפֿן א'ן געלעגער וואָלט אים
געווען זייער געמיטלעך צו שלאָפֿן״, בערג, בײַם
דניעפּער I .
איינגעמאַרינירט — אַדי, פֿאַר אײַנמאַרינירן

-

 . א'ע פֿיש. א'ער הערינג. *א, אין עסיק
און אין האַניק = אויך: שרײַאיק אויסגעפּוצט.
*זײַן ביז גאָר (זייער) א, = א) כּלומרשט איידל,
געקינצלט־אַריסטאָקראַטיש; ב) צוריקגעשטאַנען,
אָפּגעשטאַנען. *ליגן א, = זײַן אין אַ שווערן
מצבֿ. א, האַרץ פֿאַרגליווערט, אָן
גע ----.
פֿילן. א'ער מוח — מיט פֿאַרגליווערטע
אידייען. "נאָר אַן אײַנגעעקשנטער נאַר, א, אין
דעם עסיק פֿון ראַדיקאַלעכץ, קאָן פֿאַלן אויף
דער המצאָה", זשיט, דאָס נײַע לעבען, סעפּט,
1911. אויך: שפּאַסיקער סינאָנים און ענטפֿער
אויף: "זייער אָנגענעם" (אײַנגענעם,
אײַנגענעמען, אײַנגענומען) — זייער א'. ־ערהייט.
־קייט.
אײַנגעמויערט — אַדי, פֿאַר אײַנמויערן ←.
א'ע וואַנט. א'ער אוצר. א'ע עלעקטרישע דראָטן.
*א, אין אַגעשעפֿט, עסק, קראָם אע =
מע קען פֿון דעם ניט אַרויס אָן היזק, (
קריגערײַ, משפּט אע). *א, אין צענען = פֿאַרקראָכן
אין גרויסע חובֿות. „אַ פֿראַנט אין אַ
פֿראַנצייזישן פֿראַק... די געמבע א, אין אַ
שטײַפֿקראָכמאַלירטן קאָלנער", קמ, 39 1870' No.

״איז געבליבן שטיין אויף זײַן אָרט ‎.. ווי אַן
א'ער,,, אמד, דער פלעט אויף שבת, ווילנע
1872. ״זי הערט די קולות שווער, פֿאַרדומפּן,
א, ערגעץ דאָ אונטער אַ וואַנט״, הר, הרודעס.
—ערהייט. —קייט.
איינגעמוליעט — אַדי, פּאַר אײַנמוליען ←.
--
״... מיט אַ האַלב א'ן פּנים צום ראַזירן״, אָפּאַ,
'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ, ־ערהייט.

.

איינגעמושטירט — אדי, פּאַר אײַנמושטירן
--
←. א'ער זעלנער. א'ער הונט. —ערהייט.
־קייט.
אײַנגעמידט — אַדי, פּאַר אײַנמידן (זיך) ←.
--
א'ע אַרבעטאָרערס. א'ע צוהערערס. אַן א, מוֹ‎ ל
הייבט ניט אָן צו באַנעמען. ״אָטעמט ווי אַ
בלאָזזאַק און מאַכט מיט די זײַטן ווי אַן א,
פֿערדל״, שע, אַלט־נײַ כתרילעווקע. ״ער זעצט
זיך צו אַן א'ער״ פֿײַנ, גאָט פֿון צאָרן. ,,ברענגט

,

מיר... וואַסער אָפּצופֿרישן מײַנע א'ע הענט״,
הל. ״לעכן אים איז געזעסן זײַן פֿרוי, אַן

אײַנגעמײַסטערט

אײַנגעמידערטע, אַ שטײַפֿע״, י. מעצקער.
־קייט.
איינגעמייסטערט — אַדי, פּאַר
אײַנמײַס־ ־
טערן ←. א'ער טייל פֿון מאַשין. ־
ערהייט. ־קייט.
אײַנגעמילדערט — אַדי, פּאַר אײַנמילדערן
←. א'ער כּעס. ־קייט.
אײַנגעמיסטיקט — אַדי, פּאַר אײַנמיסטיקן
←. א'ע פֿעלדער. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעמישט — אַדי, פּאַר אײַנמישן ←. א'ע
קאַשע. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעמעלט — אַדי, פּאַר אײַנמעלן (זיך) ←.
פּפֿ: ~געמעליקט. א'ע הענט. אַן א'ער.
„אַ זײַטיקער ייִד אין אַן א, כאַלאַטל, קענטיק
אַ מעל־סוחר...„, שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס
משפּט'.
איינגענאָגלט — אַדי, פּאַר אײַננאָגלען ←.
־
א'ע ברעטלעך. א'ע זוילן. ־ערהייט.
איינגענאַפֿטאַלירט — אַדי, פּאָר

אײַננאַפֿטאַלירן ←. א'ער פֿעלץ. „דער 'גדוד מגיני השׂפֿה, ליגט שוין א, אין די אַרכיװ־קאַסטנס“, מרדכי װ. בערנשטײן פּאָר, 2 ׄ 1964 III.

ׅ

אײַנגענאַרט — אַדי, פּאַר אײַננאַרן (זיך) ←. א'ע קונים. א'ע פֿאַלשע מטבע. אַן א'ער אין זיך. ־ערהײט. —קײט.

אײַנגענאָרמירט — אַדי, פּאַר אײַננאָרמירן ←. א'ע אַרבעט. א'ע באַציאונגען. ־קײט.

אײנגענאָרעט — אַדי, פּאַר אײַננאָרען (זיך)

־

←. פּפֿ: ~געגנורעט. ליגן א, אין בײַדל. א, אין שמאַטעס. ס'קעפעלע, א, אין מאַמעס שויס. ־ערהײט. ־קײט.

אײַנגענומען — 1. אַדי, פּאַר אײַננעמען ←. א, לאַנד. א'ע פֿעסטונג. א'ע שפּײַז. א'ע מעדיצין. אַ קינד, א, מיט לאַסקעס. דאָס א'ע געלט. דער א'ער בויך. די א'ע טאַליע. „װען נון דז הערץ אײַן גינומן איז מיט הבֿלים..., איז גאָר שװער דער נאָך דיא תּורה אניין צו ברענגן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפּדמ תּמ„ה? „דער נפֿש, רוח און נשמה זײַנען א, בײַ איר [דער אַראָפּגענידערטער בחינה] אין גלות„,

תּניא, 90. „זאַטע, א'ע, מיט אַ נײַעם אויסזיכט
צום לעבן“, ש. בערלינסקי, אַ לעבן ג□יט אויף.
„א, פֿון טרויערקייט, לאָזט ער דאָך ניט נאָך
דעם גאָרטן צו זען„, איין שיינה היסטאָריע
פֿון איין קיניג אויף... פּערמיען, סוף 18. י„ה?
ז ײַ ן אָדער ו ו ע ר ן א, פֿאַר עמעצן =
צוגעטאָן; האָבן, קריגן אַ געפֿיל פֿון
צוגעבונדנקייט, גרייטקייט צו העלפֿן. „דער אַלטער איז
געוואָרן זייער א, פֿאַר הערשלען, ער וואָלט
פֿאַר אים קיין זאַק ציבעלע [ניט] גענומען„,
אמד.
2. אַדי. פֿטמ אַנשטאָט אָנגענעם, אײַנגענעם.
פּפֿ: ~גענעמען. אויך: ניחא(דיק), ליב;
וואויל, באַטעמט אע. „באַקענט זיך, — זייער
א, אײַך צו קענען“; „קען איך קריגן נאָך אַ
טעלער זופּ? זייער א'ע זופּ„; ס'אַ א'ער ניגון,
כ'על אים געדענקען; „איך קען אים גוט, ער
איז אַן א'ער מענטש“. “זייער אַ סימפּאַטישער,

אַן א'ער פּאַרשוין“, שע פֿונעם יאַריד II. „וואָס
—— □
קען זײַן נאָך מער א, פֿון דעם... אַז איר

קומט צו פֿאָרן, שטעקט מען אײַך פֿון אַלע
זײַטן שלום־עליכם?,,, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
,,עשירות איז אַן א'ע זאַך, אָבֿער ס'איז אַ
געפֿערלעך אַרטיקל“, לדבֿ, נ"י תּשי"ז.
־ערהייט. ־קייט — ,,זײַן א, ציט צו,
ער איז אַ ליבֿלעכער מענטש,,.
אײַנגענומענס — דאָס, ־ן. דאָס וואָס מע

-

נעמט אײַן אין זיך, אַ רפֿואה, אַ געטראַנק,
שפּײַז. דאָס וואָס מע קען אײַננעמען. אַ בּיטער
א'. ,,זײַן א, איז ניט ווייניקער ווי אַ האַלבּע
גלאָז בּראָנפֿן“.
אײַנגענורעט — אַדי, פּאָר אײַננורען (זיך)
-.
.. פֿרגל: .,,געגאָרעט. דזוו אײַנגעניורעט.
זיצן, ליגן א, אין אַ ווינקעלע. א, אונטער אַ
קאָלדרע. ווערן אײַנגעהויקערט, א'. ,,ס'איז אַ
פֿראָסט, איז דאָס קעפּל א, אין פֿוטערנעם
קרעגעלע“. ,,זיי זײַנען געלעגן א, דאָרט ערגעץ
אונטער אַ וואָלקנדיקן לאַנטעך“, ממוס, מסעות.

„איז די כלה געשטאַנען אין ווינקל, א, דעם קאָפּ אין שלייער“, אַש, תּהילים־ייִד. “ער איז געזעסן דעם גאַנצן אָוונט אַן א'ער„, א שאמעם, מענדל רויטקאָפּ, וואַרשע 1928. „די זיבן הונדערט פּוּפּציק נפשות — א, אין איין קרבנקנויל אויף דער אָפּגרונט־עקידה„, ב. לאַפּין, 'שטרומאַ'.
־ערהייט. —קייט.
איינגענ אַדעט — אַדי, פּאַר איינג אַדען (זיך)
י ־ ־ י

-

←. פּפּ: ־.־,גענאַדז(ש)עט. אַן א'ער אורח.
איינגעניורעט — אַדי, פּאַר איינניורען (זיך)
-
←. פּפּ: ~געניאָרעט. דזוו איינגענורעט
←. „מען איז געלעגן א, אין די ווינקלען און אויפֿן דיל„, בערג, שטורמטעג, ווילנע 1928.
„... איז געלעגן טיף א, אין דער איבערבעט„, סמב.
איינגעניט — אַדי, פּאַר אייננייטן (זיך) ←.
--

פּפֿ: ~געניטז. א'ע אין דער אַרבעט. א'ע
אין אַ שפּיל. „אַז דאָס חומש־ייִנגל איז שוין
געווען א'... אין טײַטשווערטער, האָט מען
אים געלערנט טײַטשן זאַצן„, יש. -
ערהייט — „א, גייט עס גיכער און גלײַכער“.
־קייט.
איינגעניטן — טרוו. געני'ט אײַן, ~געניט.
--
אײַנפּראַקטיצירן. אײַנלערנען; מאַכן מע זאָל
זײַן געניט, צוגעוואוינט צו טאָן עפּֿעס (בעסער,
גיבער, באַקוועמער, מיט מער פּעולה). א, די
געזעלן אין דער מלאָכה. א, די זעלנערס אין
(צו) ווײַטע מאַרשירונגען. א, די תּלמידים צו
באַרעכענען אויפֿן קאָפּ, אָן פּאַפּיר און בלײַער.
געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך אין
סטענאָגראַפֿיע, אין געאָמעטרישע אויפֿגאַבעס. „וועסט
נאָך דאַרפֿן יאָרן זיך אײַנצוגעניטן ביז דו וועסט
ווערן אַ מײַסטער“. ־ונג.
אײַנגענייט — אַדי, פּאַר אײַננייען ←. אַן
-
א, קנעפּל. אַ בײַטעלע, א, אין קאַמזויל. א'ע
דרוקבויגנס. ־ערהייט.

איינגעסטראָיעט

-

איינגעניסטערט — אַדי, פּאָר 'איַינניסטערן'.
-

נר. דזוו איַינגענעסט ←. "די אויפֿגאַבֿע פֿון סאַטירע איז אויסצולאַכן אַזוינע פֿעלער וואָס זענען א, אין לעבֿן", קמ, No ,1870 23.

איינגעניצט — אַדי, פּאַר איַינניצן (זיך) ←.

א, מעבל. א'ער אָנגרייט. ־ערהייט. ־קייט.

איינגענעגלט — אַדי, פּאָר איַיננעגלען ←.
--

א'ע בֿרעטער. "ליימיקע בֿערג, וואו עס זענען א, געהויקערטע שטיבֿעלעך", ר. פּאַלאַטניק, איק, ר,,ה תּשכ"ז.

איַינגענעם — אַדי. פֿטמ <אָנגענעם. דזוו אָנגענעם. דזוו איַינגענומען, בֿ2. א'ער און מיט מער פֿאַרגעניגן. ,,די צימערן זענען אַלע אויסגעהייצט און די וואַרעם איז פֿיל א'ער ווי די

וואַרעם פֿון זומער“, י)ראָל אָרנשטיין, רעיונות
יtראל, אַס 1893. „וואָס ס'איז אמת און וואָס
,
ס'איז פֿאַלש, וואָס ס'איז א, און וואָס ס'איז
נישט א',„ דווקא, 60. אויך א'ען — “ס'איז
אָנגעלייגט און א'ען אײַער קומען אַהער,„.
“נעמען און מודה זײַן זיך... איז אים אָבער
נישט זייער א'ען,„ שע פֿונעם יאַריד I.

,
א'(ען)קייט.
איינגענעסט(יקט) — אַדי, פּאַר

אײַננעסט(יק)ן (זיך) ←. א'ע פֿייגעלעך. אַן א,
פּאָרפֿאָלק. א'ע קראַנקייט. „אין דער סיטואַציע איז
שוין געווען אײַנגענעסט די אידייע...„, בֿ.
ריווקין, גרונט־טענדענצן....
~גענעסטלט — ← אײַננעסטלען. „
מירזײַנען דאָרט א, משפּחותווײַז„, י. שיינבערג,
איק, פּסח תּשט“ז.
איינגענעצט — אַדי, פּאַר אײַננעצן (זיך) ←.
-
א'ע פֿיס. א'ע קליידער. “רײַבן דעם גוף מיט
[טיכער] א'ע אין קאַלטע וואַסער,„ רפֿואות
ועצות, ווילנע 1848. „בײַם וואַשן...

פֿאַרקאַשערט זײַנען די א'ע אַרבל,,, פּמ, מלחמה I.
־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעסאַזשעט — אַדי, פּאַר אײַנסאַזשען
(זיך) ←. פּפֿ: .,,געסאַדז(ש)עט. אַן א,
פּנימל. א'ער קוימענקערער. ,,אַ פֿאָר געטאָן
מיט אַן אײַנגעסאַדזשעטער שמאַטע איבערן
ווײַסן קראַגנדל,,, ש. האָראָנטשיק, 'גאָטס
משפּט'. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעסאָכניעט — אַדי, פּאַר אײַנסאָכניען
← פֿארחוּשכטע, א'ע פּליטים. א'ע
ביימע. —
לעך. ־ערהייט.
איינגעסדרט — אַדי, פּאַר אײַנסדרן (זיך) ←.
.
א'ע ביכער אויף די פּאָליצעס. א'ער מאַטעריאַל.
,,קרײַזן רעדער... אײַנגערעדערט, אײַנגעגדרט,
א, אין טומאַן,,, יעקבֿ פֿרידמאַן, נפֿילים, ת,,אָ
1963. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעסטאַלירט — אַדי, פּאַר אײַנסטאַלירן
--
←. אַן א, געשעפֿט. א'ע קאַנאַליזאַציע. אויך:
א'ער מענטש = רואיקער, געזעצטער, וואָס
איז אָן קאַפּריזן און עקסטרעמע שטימונגען.
־קייט.

איינגעסטראָיעט — אַדי, פּאָר איַנסטראָיען
--

 .. א'ע אַלקערלעך. א'ער כאָר. „א'ע
דונעראָפּלייטער„, י״ד [יעקבֿ דינעזאָן], דער דונער

איַנגעסטריגעוועט

און דער בּליטץ, ווילנע 1874. ־ערהייט.
־קייט.
איַנגעסטריגעוועט — אַדי, פּאַר
איַנסטריגעווען ←. א'ע מאַרינאַרקע. —ערהייט —
לאָזן ליגן א'.
איינגעסילאַסעוועט — אַדי, פּאַר
איַנסילאַ־־

סעווען .. א'ע גרינסן, פּירות. „איז געזעסן
בּיַם פֿענצטער, געקוקט צום הויכן זוניקן הימל
און פֿון ווייטיק געבּיסן זיַן לאַנגע א'ע [?]
באָרד“, ש. גאַרדאָן, צווישנ אַזאָווער און
שוואַרצנ, מאָסקווע 1934.
איַנגעסמאַליעט — אַדי, פּאַר איַנסמאַליען

. א'ע פֿעדערן, האָר פֿע, ס'איז ניט קיין
„ .
אויסגערייכערטער, נאָר אַן א'ער הערינג“.

־ערהייט.
איינגעסמאָלעט — אַדי, פּאַר אײַנסמאָלען
־
→. א, שיפֿל. א'ע פּנימלעך. ־ערהייט.
אײַנגעסמאָרעט — אַדי, פּאַר אײַנסמאָרען
→. א'ע מלבּושים. א'ע הענט, פּנימער אע.
־ערהייט.
אײַנגעעיפּושט — אַדי, פּאַר אײַנעיפּושן →.
א'ע חדרימלעך. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעענגט — אַדי, פּאַר אײַנענגען (זיך)
→. אַן א'ע טאַליע. א'ע געלטמיטלען. „צו
פֿאַר האבּין זיא גוואונט פֿר שפּרייט אין ערלים
הײַזר אײַן געגגט„, כּ„י 'מגילת איבֿה', 1703.
„מײַנע יונגע טעג פֿאַרבּראַכט אין דחקות, א,

,
אין צער“, זשיט I, נ„י 1912. „שייך צו אַזאַ
גערוֹדפֿטער און ממילא א'ער שול וו
אונדזערע„, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. „דער
הימל איז דאָ א'“, דפּ, 'בּערגשטײַגער'. ־
ערהייט. ־קייט.
איינגעעסיקט — אַדי, פּאַר אײַנעסיקן →.

־

„פֿאַרקויפֿערס פֿון א'ע גרינסן“, אַמעריקאַנער,
14 III 1958. ־ערהייט.
אײַנגעעקשנט — [... אַקשנט] אַדי, פּאַר
אײַנעקשנען (זיך) ⃞.. אַן אײַנגעשפּאַרטער,
אַן א'ער ווי אַן אייזל. בּלינד־א'ע מענטשן. אַן
א'ער נאַר. אַן א'ער בּויער. א'ער מאַניאַק. „איז
די פֿאָרשטעלונג פֿון דער מאַטעריע אַקוראַט
אַזוי א, אין אונדזער בּאַוואוסטזײַן ווי די
פֿאָרשטעלונג פֿון רוים?“, זשיט II, נ“י 1912.
„גיין מיט אַן אַרויסגעשטעלטער בּרוסט, מיט
א'ע פֿלייצעס, מיט פֿעסטע טריט“, נאַד. „פֿילט
ז אַ מידע ליידיקייט, אַן א'ן פֿאַרקלעם“, מאָל,
י
פֿריידקע. “וויל א, ניט אויסדרייען צו אים
דעם קאָפּ„, א. שעכטמאַן, ערבֿ. ־ערהייט.
־קייט — „בּאַשטיי איך אויף מײַן א, און
פֿרעג ווידער“, הל, 'די בּיימער בּליִען בּלוי'.
אײַנגעערגערט — אַדי, פּאַר אײַנערגערן
(זיך) ⃞.. א'ער קעגנער. א'ע סיטואַציע.
־ערהייט. ־קייט.
איינגעפּאַטשקעט — אַדי, פּאַר אײַנפֿאַטשקען
־
(זיך) ←. א'ע הענטלעך. א'ער נאָמען. ־
ערהייט.

אײַנגעפּאַנצערט — אַדי, פּאַר אײַנפּאַנצערן
 .. א'ע בּרדסט. א'ער ריטער. „די שטאָט

112()

איז געלעגן א'“, װײַס II, 'דער איבּערגאַנג'.
 ערהײט. ־קײט.
אײַנגעפּאַסט — אַדי, פּאַר אײַנפֿאַסן (זיך)
→. אַ בּילד, א, אין אַ רעמל. א'ע אין דער
געזעלשאַפֿט. אַ מאַנטל, א, אין טאַליע. „אַ
דורכזיכטיק־בּלײך, לײַדנדיק פּנים, א, אין אַ
שװאַרץ־בּערדלדיק רעמל“, ז. װענדראָף, אַפֿנ
שװעל פֿונ לעבּנ, מאָסקװע 1941. „װי פֿולקאָם
א, עס איז אויף זי אַ פֿעל“, פּמ, מלחמה. „אַ
י
סופֿיט... מיט א'ע אויסגעהוילטע בּלאָקן...“,
'פּראָספּעקט װעגן דירות אין יזרעאליה', א“י,
אויגוסט 1964. ־ערהײט. ־קײט.
אײַנגעפּאַקט — אַדי, פּאַר אײַנפּאַקן (זיך)
 .
 .. א'ע סחורה. א'ע װאַליזעס. „שמוגלערס
פֿלעגן פֿירן פֿלײש..., א, אין די בּרודיקסטע
טיכער“, א. בּערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל,

וואַרשע 1926 ־ערהייט ־קייט. אַזוי

. .

אויך אײַנגעפּאַקעוועט — „א, בײַ דיר
די זאַכן?„, שע, 'מענטשן'.
איינגעפּאָרט — אַדי, פּאַר אײַנפּאָרן (זיך)
--

←. א'ע בחורים און מיידלעך. א'ע
דיסקוסאַנטן ־ערהייט.

.

איינגעפּאַרעט — אַדי, פּאַר אײַנפּאַרען ←.
-.

א'ע מלבושים. פֿאַרשוויצטע, ממש א'ע לויפֿערס.
א'ע טיי־בלעטלעך. ־ערהייט.
איינגעפּאָרפלט—אַדי, פּאַר אײַנפּאָרפלען ←.
-

„א'ע אין דער ערד, געקילט זייערע הייסע
לײַבער", י. מעצקער.
איינגעפּודערט — אַדי, פּאַר אײַנפּודערן (זיך)
-

←. אַן א, פּנים ־ערהייט ־קייט —

. .

„אַז די א, קליידט איר גאָרניט„.
איינגעפּוצט — אַדי, פּאַר אײַנפּוצן (זיך) ←.
-

אַ יום־טובֿדיק א'ער. א'ע רייד. אַ בּ
שווינדלטער, אַן א'ער שותּף. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעפּוקלט — אַדי. 1. פּאַר אײַנפּוקלען
←. א'ער רוקן. 2. א וו. דזוו קאָנקאַו.. א'ער
שפּיגל.
איינגעפּיפּקעט — אַדי, פּאַר אײַנפּיפּקען ←.
-
אַן א'ע ליולקע = אויך: כיטרער,
דורכגעטריבּענער, געבּיפּטער יונג.
איינגעפּלאַטשט — אַדי, פּאַר אײַנפּלאַטשן
-
←. פּפּ: ,...,געפּלעטשט. א'ע קופּעס
בּראָכוואַרג. ,,קינדער קומען אַהיים מיט
געשוואָלענע בּעקלעך און א'ע נעז'', פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. ,,שוואַרץ און א, פּונקט ווי אַן
אײַנגעפֿאַלן פּלעצל,,, ווײַס II, 'דער
איבּערגאַנג'.
איינגעסלאָנטעט — אַדי, פּאַר
אײַנפּלאָנ־־
טען (זיך) ←. ,,דער גרעסטער טייל בּערלעך
אין תשעה־בּאָבֿ זײַנען אין זײַנע פּאות א'''',
ממוס מסעות. ← דווו. ־קייט.
איינגעפּלאָנטערט — אַדי, פּאַר

אײַנפּלאָנ
-

-

טערן (זיך) ... א'ע פֿעדעם. אַן א'ער אין אַ
מיאוסן עסק. די א'ע, די זײַטיקע עפּיזאָדן.
"געווען... ביז מיט נעגל א, אין די נעצן,,,
יהואָש איבז, הײַאוואַטאַ ,,מיר װײַנען א, צווישן
אַ סך פֿעלקער, א, און אײַנגעוואָרצלט,,, סעג,

אײַנגעפּרעגלט

מײַנע זיבן יאָר אין תּל־אָבֿי. ← ד וו. -
ערהייט. ־קייט.
איינגעסלאַסקעט — אַדי, פּאַר '

אײַנפּלאַסקען,. דזוו אײַנגעפּלאַטשט, אײַנגעפּלעטשט,
אײַנגעפּליאַשקעט. "האָט אים ניט געאַרט וואָס...
זײַן נאָז איז בײַ אים א',,, ש. בעקערמאַן,
טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ"ג.
אײַנגעפּלעט — אַדי, פּאַר אײַנפּלעטן ←. אַן
א, העמד. א'ער צ י מ ע ס — געדושעט מיט
אַ ביסל פֿעטס, צוגעדריקט מיט אַ שווער דעקל.

„דער ריח פֿון די געפֿילטע פֿיש און דעם א'ן
צימעס פֿאַרגייט אים ווי קטורת אין דער נאָז„,
ממוט, מטעות.
איינגעפלעטשט — אַדי, פּאַר איינפּלעטשן
←. פּפֿ: ~געפלאַטשט פֿאַר די
עס. „
-

קימאָסן איז אַ גליק וואָס זיי האָבן אַזאַ א,
נאָז, ווײַל אַ מער אויסגעשטאַרצטע וואָלטן
זיי געוויס אָפּגעפֿראָרן“, אידע לונסקי,
דערציילונגען וועגן ווילדע מענטשן, ווילנע 1922.
אײַנגעפעלצט — אַדי, פּאַר אײַנפּעלצן (זיך)
←. א'ע פֿאַרשוינען אויפֿן אָפֿענעם שליטן.
־ערהייט. —קייט.
אײַנגעפּענטעט — אַדי, פּאַר אײַנמענטען
←. א'ע פֿערד אויף דער לאָנקע. א'
געפֿאַנגענע. „אַ מענטשן־לייַב, מענטשן־פֿלייש, א, אין
שנורן“, אַש, תּהילים־ייִד. „געזען... דעם
דניעפּער און זײַן דראַנג, דעם א'ן אין
שטיינעריקע ברעגן“, פּמ, מלחמה I. ־ערהייט.
־קייט.
איינגעפּעקלט — אַדי, פּאַר אײַנפּעקלען II
-

←. פּפֿ: ~געפּיקלט. „ניטאָ קיין געשמאַקערע זאַך ווי א'ע צונג“. „א, פֿלייש קאָן מען האַלטן אַ יאָר צײַט“ ־ערהייט.

.

איינגעפּראַוועט — אַדי, פּאַר אײַנפּראַוועו

־

(זיך) ←. א'ער וואַרשטאַט. א'ע עלעקטרישע דראָטן. „דאָס א'ע פֿיסל פֿון טיש האַלט זיך ניט“. געבּראָטנס, א, מיט בשׂמים און מיט ווײַן. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעפּר‌עט — אַדי, פּאַר אײַנפּרִיען ←.

פּ‌: ~געפּרייעט. א'ע מילך. א'ע פֿיספֿינגער. “וואַרעניקעס מיט פֿלייש און קאַרטאָפֿל, א, אין פֿוטער מיט צוגעבּראָטענע ציבּלקעלעך“, י. פֿאַליקמאַן, די שײַן קוטט פֿון מיזרעכ מאָסקווע 1948.

אײַנגעפּרעגט — אַדי, פּאַר אײַנפּרעגן ←.

„זאָגן... אומציייליקע מאָל, דאַמיט עס אין זײַן האַרץ א, בלײַבּן זאָל“, ר, היילל ליכטענשטיין, עת לע‌)ות II סאַטמאַר תּרפּ“ה. “דאָס איז דאָס איינציקע בּילד וואָס איז טיף א, אין דער נשמה פֿון אויטאָר„, א. שטיינבּערג, דאָס נײַע לעבּען נ“י, יוני 1910. „שרעק איז אַן

א'ער שאַנדפֿלעק אין אונדזערע נשמות“, ייִש.
איינגעפּרעגלט — אַדי, פּאַר איַינפּרעגלען
--
-←.. א'ע ציבעלעס. „עס טראָגט זיך דער
פּאַסקודנער ריח פֿון א'ן חזיר„.. „געבראָטנס פֿלייש

,

אַ שטיקל א, מיט שמאַלץ און ציבעלעס“, ממוס,
ספֿר הבהמות. „מיינט איר אַז ער פֿלעגט
עסן פֿליישיקע ווערטוטן, א, אין פּוטער?

חליאיַנגעפּרעסט

להו!“, ש. וואָלצענאָק, רבי יוחנטשע...,
וואַרשע 1883. „קומט אָן פֿראַדל מיט אַן א,
צעיאַכמערט צונטער־רויט פּנים, אויסגענעצט אין אַ
ברודיקן שווייס“, אַבֿרהם ראָזענפֿעלד, די גרינע
בריק, וואַרשע 1924. ־ערהייט.
איינגעפּרעסט — אַדי, פּאַר איַינפּרעסן ←.

-
-
א'ער שאָסיי. א'ע מאַנזשעטן. א'ער פֿינגער.
א'ע באַגערן. אַ צעבראָכענער פֿוס, א, אין גיפּס.

ליגן א, ווי הערינג אין אַ פֿאַס. א'ע ציין. אַ האַלדז, א, אין אַן ענגן קראַגן. „איז מײַן האַרץ געלעגן א, אין כמאַרעס גראָע„, אַל II, „דער אָפּרוף'. „אין די אויגן קאַלטע שײַן און די ליפּן א, — זאָל עס דען אַליין איך זײַן?“, הל, 'בײַם ראַנד'. „דאָס ליד פֿון ווילדן ווײַן. אין ענגע טרויבּן א',„ יעק פֿרידמאַן, נפֿילים.

ערהייט. ־קייט.

איינגעפֿאַלבּט — אַדי, פֿאַר אײַנפֿאַלבּן ←.

אַן א'ע בּלוזקע. „טרערן האָבּן... גערונען אויף דעם אַלטן א'ן געזיכט“, הנ״ץ, איבּז, שולמית, לובּלין 1894. „אין די א'ע קנייטשן בּאַהאַלט זיך די טונקעלע שטילקייט“, ווײַס III, אַ וואַלדמיידל, ־ערהייט ־קייט.

אײַנגעפֿאַלן — אַדי, פֿאַר אײַנפֿאַלן ←. א,

שטיבּל. א'ענע ווענט. א'ענער אין אַ קרענק. א'ענע בּריסט. א, פּנים. א'ענער רעיון. א'ענע המצאָה. אַ שוואַרץ און א, פּלעצל. שטייט מיט די הענט אויפֿן א'ענעם בּויך. אַן א, מויל אָן ציין. אַן אַלטע שקאַפֿע מיט א'ענע זײַטן.

אויסזען ווי אַן א'ענע קרעטשמע [= אויך: זײַן הויך און דאַר]. „א'ענע באַקן — און די ציינער קנאַקן“, שוו [= דאַרע מענטשן עסן אַ סך].
„איבער אַן א'ענעם פּאַרקאַן שפּרינגען אַלע ציגן„, שוו. „פֿון א'ענע קראַנקע זענען אינגאַנצן 34 געשטאָרבן„, קמ, 1866, No 10. „דאָס פּנים — אַ וויסטע חורבֿה, אײַנגעשרומפּענע באַקן, א'ענע אויגן„, ממוס, אין אַ שטורם־צײַט.
„דער נאָז איז געווען בײַ איר אַזוי א', אײַנגעפּלאַסקעט, אַז מע האָט אים קוים אַרויסגעזען“, ש. בעקערמאַן, די קאַרטן וואַרפֿערקע, אַדעס 1888. „וועגענער, געשפּאַנטע אין א'ענע פֿער ,, מענדל מאַן, בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע. ,, געצויגן האָט די גאַס זיך אָפּגעשונדן בלאָ, אַן א'ענע ווי נאָך אַ האָגל“, פּמ, מלחמה I.
ערהייט. ־קייט.

-

איינגעסאַסט — אַדי, פּאַר אײַנפֿאַסן ←. אַ
-

בילד, א, אין אַ רעמל. שיין א'ע טאָפּאַזן. אַ בריל, אין זילבער א'. אַ רייניקייט (ספֿר־תּורה), א, אין שיין־געשניצטע עץ־חיימס. מלל

פֿאַרטײַטשט 'משנו)בּצים זהבֿ, (שמות, כח, 20):
,,אין גיפֿאַסט" [תּי: ,,אײַנגעזעצט,,]. ,,זײַן ריד
האָבּן חן אַלישׂ וויא איין אבֿן טובֿ, דר אין
גאָלד זיצט אין גפֿאַסט,,, אורחות צדיקים,
אַמשט תּצ"ה, ס/ב. ,,אין איינם ווארים בּאד
דשׂ דא לויפֿט אויף דר ערדן טאָר מן זיך וואול
בּאדן, אבּר וועןָ עשׂ איין גיפֿאַסט אין האָלץ
אודר אין שטיין איז אָסור דרינן צו בּאדן אום
שבּת", לט1, עז/ב. ,,די תּורה איז א, אין זייערע
הערצער,,, חה, קד. "בּלויע אָזערעס, א, אין
ליבּלעכע בּערגער,,, דא, פֿו־ בּערלין בּיז

סאַן1121

פֿראַנציסקאָ. ,,שענקען זיי סידורימלעך, א, אין
גאָלד", מל, 'די ציידעס מיט די בּאָבּעס, ־ער—

.

הייט. ־קייט.

-

איינגעסאָרבּן — אַדי, פּאַר אײַנפֿאַרבּן ←.

-

א, קלייד. א'ענע ליפּן. "מײַן פֿערז איז אין

קינדערשע בלוט א',,, סעג, איצטער. ־
ערהייט. ־קייט.

־

אײַנגעסאָרן — אַדי, פּאַר אײַנפֿאָרן ←. א'
ענער וועג. די עטלעכע א'ענע וויאָרסטלעך. ,,גיין
איז שווער, דער וועג איז נאָך ניט א',,, י. א.
קאַצאָוויטש, 6O יאָר לעבן. ,,די ברייטע גומענע
שינעס האָבן געפּרעסט דעם ניט־א'ענעם זאַמד,,,
צ. דאָלגאָפּאָלסקי, באַ געעפֿנטע טויערן, מינסק
1928. ,,דער פֿאָרזיצער האָט ניט קיין א'ענעם
צונג“, י. יאָפֿע, אין קעסל גרוב, מאָסקווע 1929.
,,פֿעלערן... וואָס שטאַמען פֿון זייער א'ענעם
אומגלויבן,,, ב. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר
אומגלויביקע. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעפֿוילט — אַדי, פּאַר אײַנפֿוילן ←.
־
א'ע פּירות. א'ער רעזשים. ־קייט.

אײַנגעסויסטיקט — אַדי, פּאַר '
אײַנפֿויסטיקן'. נעאָל. ,,האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירן

די שטאָלצע, די א'ע פֿרייד“, יג, פֿון מײַן
גאַנצער מי.

□

איינגעסונדעוועט — אַדי, פּאַר

אײַנפֿונדע

□

-

ווען (זיך) □.. א, געשעפֿט. א'ע בּירגערס.
א'ער בּעל־הבּית. א, לעבֿן. פֿון דורות א'ע אין
שטעטל. א'ע קולטור־טראַדיציעס. “מיט אַ יאָר
20 צוריק, ווען די רעליגיע איז נאָך געווען
פֿעסט א, בּײַ די... אַרבּעטער,,, דיא □ כירות,
לעמבּערג 1896. ,,פֿונאַנדערקלײַבּן זיך צווישן
אַ וויסנשאַפֿטלעך פֿעסט־א'ן פֿאַקט און אַ...
סבֿרה,,, זשיט III, נ“י 1912. ,,די יִדישע
דעמאָקראַטיע מוז האָבּן אַן א'ן... און
מאַטעריעל געזיכערטן אָרגאַן“, ימ, נײַס, קאָוונע
1921. “דער רבּונו־של־עולם האָט שוין מיר
לכתּחילה בּאַוואָרנט מיט אַזעלכע גוט־א'ע

מחלות,,, דטש, ווילנע. ,,שלאָפֿן זיך געמיטלעך
אין געדיכטן א'ן שפּינוועבּס און חלומען“, ייִז,
פּערל. ־ערהייט. ־קייט — ,,אַ
קליינשטעטל — אַ שטיק ייִדישע א', אַ בּמקום
פֿאַר דעם גויאישן דאָרף“, שנ, ליט, בּלעטער,
.IX 1925 18

איינגעפֿורעמט — אַדי, פּאַר איינפֿורעמען
-
←. א'ע רעליעפֿן. ,,איז ווי אַ ליכטיקער
שפּיגל א אַ קײלעכיקע אָזערע,,, איציק קיפּניס,
,
סאָוו, היימלאַנד, 5 1968, No. ־קייט.

-
איינגעסיטערט — אַדי, פּאַר איינפּיטערן ←.
-
א'ע בּהמות. ־קייט.

-
איינגעסין — דער, ־ען. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנגעפֿינען. באַשלוס פֿעסטשטעלונג.
-
.
אַ ריכטיקער א'. אַן א, נאָך אַ לאַנגער חקירה ודרישה.

-
איינגעסינס — דאָס, ־ן. דאָס וואָס איז

אײַנגעפֿונען געוואָרן. רעזולטאַט פֿון אײַנגעפֿינען.
מאָדערנע א'ן ווי צו האָדעווען אַ קליין קינד.
,,זיך רעכענען מיט איצטיקע א'ן,,, מוו, ייִשפּ IX.

איינגעסינען — טרוו & אוטוו. געפֿין אײַן,
--

--
אײַנגעפינען

~געפֿונען. 1. געפֿינען נאָכן זוכן. ,,איך גאָט

האָבּ גזוכט אונטר זי [= זיי] איין מן דר
דא... זעלט בשיצן... דא האבּ איך ניט אײַן
גפֿונן", סהמ, יחזקאל, כב, 30 פֿאַרמאָגט
. "
אָבער ירושלים אַנדערע פֿירער, וואָלטן זיי א,
שווערדן", בּרידער ווידאַס, ירושלים.
2. אויסגעפֿינען, דערגיין צו עפּעס. "מיר
האָבּן בּײַם וויכּוח אײַנגעפֿונען אַז איינער
פֿאַרשטייט ניט דעם צווייסן". „האָבּן די זין
אײַנגעפֿונען אַז דאָס איז דווקא אַ גוטע זאַך", אַר,
'די נײַע קנעלונג'.
3. אויסגעפֿינען ווי אַ רעזולטאַט פֿון
נאָכטראכטן, אויספֿרעגן פֿאָרשן אע. א, די סיבּה
-
,
פֿון דער מחלוקה. „די געלערנטע וואָס האָבּן
אויסגעפֿאָרשט די אָרגאַנישע שטאָפֿן פֿון אַ
פֿלאַנץ... האָבּן אײַנגעפֿונען אַז זיי בּאַשטייען
פֿון...„, מינקאָווסקי, די פֿלאַנץ און איר לעבּן,
וואַרשע 1923. „זייער ריכטיק האָבּן די ייִדישע
געזעצגעבּער אײַנגעפֿונען דעם מעטאָד פֿון
שחיטה פֿאַר דעם אומשמערצלעכסטן און
אַמוייניקסטן אַכזריותדיק", פֿגעז, ווילנע 1923,
No 7-8.
4. אָננעמען אַ בּאַשלוס. קומען צו אַ

געריכטלעכן אורטייל. א, ווער עס אי (אומ)
שולדיק. א, אַז מע דאַרף זיך (ניט) באַטייליקן אין
עפּעס. "דער צוזאַמענפֿאָר געפֿינט אײַן אַז אַ
צעשפּליטערונג פֿון די כּוחות ברענגט שאָדן
דעם כּלל,, די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג,
וואר
שע, 2 1926, No. ,,מע האָט אײַנגעפֿונען אַז
דער עקאָנאָם האָט זיך אויפֿגעירט ניט
ריכטיק", איציק קיפּניס איבז, אָסטאַפּווישניאַ,
שמייכלען, כאַרקאָוו 1929.
5. אײַנזען. קומען צום אויספֿיר מיינען,
האַלטן. ,,איך געפֿין אײַן אַז איך האָב שוין
גענוג אָפּגעגעבן צײַט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער
אַרבעט". ,,משהס קופּערנע שלאַנג האָט מען
געהאַלטן אין בית־המקדש, אָבער ניט ווי אַן
אָנגענומענעם פּסל. פֿונדעסטוועגן האָט מען
אײַנגעפֿונען [אַר גוט וואָס חזקיהו האָט אים
-

צעשטערט,,, ע. לעף, ייִבל 7, XIII־8. ,,אויב איר
געפֿינט אײַן אַז איך דערצי אים שלעכט, זאָל
ער זיך אומקערן אַהיים,,, ה. כאַצקעלעס איבז,
העקטאָר מאַלאָ, ראָמען קאַלבּריס, ווילנע 1940.

,,זי געפֿינט אײַן אַז איך בין צו לײַכט

אָנגעטאָן“, רחל אויערבאַך, אין לאַנד יtראל.

מיט ז י ך — 1. זײַן אין (אויף) אַ
באַשטימטן אָרט (אין אַ באַשטימטער צײַט). זיך אַ,
אין ירושלים, ניו־יאָרק אאַזוו. ,,פֿלעגט ער זיך
אַ, אין די הײַזער וואו מע שפּילט אין קאָרטן“,
ח. ב צימבלער, דיא גענעראַלשע..., ווילנע
1887. 2. זײַן אַ באַשטענדיקער טייל (פֿון
לאַנדשאַפֿט פֿון אַ כוללדיק בילד). “אין

און

,

דזער געגנט געפֿינען זיך אײַן אַ סך אָזערעס“.
“צווישן טונקל־גרויע סקאַלעס האָט אַ הייל
זיך אײַנגעפֿונען“, הר, געדיכטע און לידער.
3. זײַן ערגעצוואו און געפֿונען ווערן. ,,די

גניבה האָט זיך אײַנגעפֿונען“ — אויך איר, ווען
מע געפֿינט עפּעס וואָס מע האָט געהאַט

סאַרלייגט. „דער מעסער, דורך וועלכן דער סטודענט ווערט... באַשולדיקט, האָט זיך

אײַנגע -
אײַנגעפּירט

פֿונען אין הויפּטקוואַרטיר פֿון דער פּאָליציי“,
יעק טער איבּז, דער געהיימער מאָרד..., נ“י
1914. 4. אויפֿקומען, זיך באַוויזן. “עס מוזן
זיך א, אידייאישע יורשים“. “האָבּן זיך
אײַנגעפֿונען זײַנע [= דעם רמבּמס] תּלמידים און
האָבּן איבּערגעזעצט זײַנע ספֿרים אין
לשונקודש“, י. ל. יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר, ווילנע
תּרל“ו.

־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איינגעסירט — אדי, פּאַר אײַנפֿירן ←. א'ע

סחורה. אַן א, געשעפֿט. א'ע קונדשאַפֿט. אַן א'ער פּראָצעס. א'ער מעטאָד. א'ער אויסלייג. א'ער רעזשים. "אַנטפּלעק דײַן ארים, דוא אײַן גיפּירטר [= אָפּגענאַרטער פֿאַרפּירטער] מאַן",

חה, אמשט 1716, צד/ב. „דיזע פֿון דיא יהודים, וועלכע עס ווען ענדיקן דעם קורס פֿון גימנאַזיע... ערלויבט זיך זיי אַרײַנצוטרעטן... אין א'ע היכע שולן", איבז, קאָנסטאַנטין קאַלינסקי, עסטזעצונג וועגן יהודים ווילנע והוראָדנאָ תקצ"ה. „זײַן א'ער האַנדל זאָל בלײַבן בײַ זײַנע קינדער פֿונקט ווי געווען נאָך זײַן צײַט", ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844.

א, ז ײַ ן — "אַזוי איז א, נאָך פֿון אַלטן פֿראַנצויז" — איר וועגן אַן אַלטפֿרענקישן אײַנפֿיר. "אַזוי איז שוין א, בײַ אונדזערע ייִדן: זיי אָפּוואַזשען נאָר דעם וועלכער אַנטלויפֿט פֿון זיי", ייִפֿאָל, 47 1887, No-48. „דען בעה"ר

איז דאָך שוין יעצט א, דאַס מע שעמט זיך
צו לייענען אויף עבֿרי־דײַטש אַ ספֿר", י. ל.
יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל"ו. „עס
איז א, אין די קליינע שטעטלעך אַז עס קומט
אַ גאַסט איז אַ מצווה אָנצוזאָגן„, ש. בּ. [ש.
בּעקערמאַן], דיא גוטע ￼רויא, ווילנע, יאָר ￼
„עס איז בּײַ פֿרומע ייִדן ניט א אַז אַ כּלה

'

זאָל אַ שעה פֿאַר דער חופּה גיין בּאַגעגענען
דעם חתן„, ספּ, סודות.
־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעפֿלאָכטן
— אַדי, פּאַר אײַנפֿלעכטן (זיך)

￼־

←. א'ענע פֿעדעם. א'ענע צעפּלעך. בּלומען,
א, אין אַ קראַנץ. א'ענע אין קאַראַהאָד. א'ענע
שטעכווערטלעך. "זיי זײַנען ווי דערנער א'ענע",

תּי, נחום, א, 10. „די גאַנצע עדה,. ￼. א, אין
די לײַבּער אַרײַן, בּאַוועגט זיך אין איין
ריטמישן אָטעם", אַש, תּהילים־ייִד. „אין אײַער
דערהויבּענעם געזאַנג מײַן קול איז א'", אַקש,
מזרח און מער￼, מאָסקווע 1940. „די ביימער...
שטייען א, איינע אין די צווייטע", הל, בּלאט...

עפלבויס. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעפֿלאַנצט — אדי, פּאַר אײַנפֿלאַנצן ←.
-

א'ע בוריקעס. א, פֿרוכטביימל. א'ע קאָלאָניסטן. א'ע שׂנאה. אַ פֿראָוואָקאַטאָר, א, צווישן רעוואָלוציאָנערן. א'ע מידות. מע) פֿאַרטײַטשט 'וכמשמרות נטועים, (קהלת יב, ll): ,,די דא זײַן אין גיפֿלאַנצט און אין גשלאגן" [תּי: "אַרײַנגעשלאָגענע"]. ,,די לוסט צו שטײַגן העכער איז כּמעט א, אין די הערצער פֿון אַלע נאַציאָנען,,, ח. ש. סליווקין, הנודד אָדער דער נע־ונדניק, וואַרשע תרנ,,ג. ,,די א'ע שרעק פֿון יוגנט אַן ווערט... אײַנגעסטעמפּלט אין דעם

1122

געהירן", דער מענשענפֿרײַנד, נ"י 23 l890, No.
פֿרײַ־א'ע צימערבלומען הייבט מען אַרויס

,,
צוריק אין די כּלים באַצײַטנס, שוין אין די מאָנאַטן אויגוסט־סעפּטעמבער", אַגראָנאָם י. ראַסיין, די שענטטע צימער בלומען, קאָוונע 1932. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעפֿלאָסן

— אדי, פֿאַר אײַנפֿליסן ...
--
א'ענע וואַסערן. די א'ענע אומגעוואונטשענע עלעמענטן. א'ענע חובֿות.
איינגעפֿלויגן
— אַדי, פֿאָר אײַנפֿליִען ..
--
א'ענע טויבן. די א'ענע צענדליקער טויזנטער מײַלן. ־ערהייט.
איינגעפֿלוסט ווערן
— פֿאַסווו. [ר. דזוו
--
באַאײַנפֿלוסט ווערן. באַווירקט ווערן. מושפּע ווערן. פֿרגל אײַנפֿלעסן. „פֿון דורות אַן איז א, געוואָרן אַן עקל, אַן אָפּשטויס צו דעם דאָזיקן פֿלייש [פֿערדנפֿלייש]“ געז, ווילנע 1933,
::: ,

.No 2
איינגעפֿליישט — אַדי, פֿאַר אײַנפֿליישן (זיך)
-
.. א'ע אין פֿאָלקס־באַוואוסטזײַן,
אינטעגרירטע פֿאָראורטיילן. „אַלע באַריכטן... זענען

בּאַזירט... אויף א'ער שׂנאה‘‘, קמ, 1870,
No 31. ‘‘ער איז אַן א'ער רעפּובּליקאַנער‘‘,
ייִפֿאָל, 7 1882 I. ,,אַ גרויסער טייל פֿון דער
מימיק איז ממש פֿאַרבּונדן, ממש א, אין דער
שפּראַך‘‘, מוק, טעאַטער און אידיש טעאַטער.
‘‘דער אַנטיסעמיטיזם איז שוין געווען צו פֿיל
פֿאַרוואָרצלט, צו שטאַרק א, אין דעם
בּאַוואוסטזײַן‘‘, לע, טמז, 11 1966 IX. ־קייט.

איינגעפֿלעקט — אַדי, פּאַר אײַנפֿלעקן ←.
-
א'ע מלבּושים. א'ע רעפּוטאַציע. אַן א'ער מיט
עבֿירות. ‘‘קיין ליידיק אָרט איז ניטאָ אויף מײַן
לײַבּ, עס זאָל ניט זײַן א, מיט חטאָים,,, □)רה
בּת טו□ים, תּחנה שער היחוד על עולמות,
[ערגעץ אין רוסלאַנד, פֿאַר 1836]. ־ערהייט.
־קייט.

□

איינגעסעדעמט — אַדי, פּאַר אײַנפֿעדעמען
-
←. אַן א'ע נאָדל. א'ע קאָלירטע וואָל אין אַ
גרוי געוועבּ. אַן א, געשעפֿט. ,,די אויסגעוועבּטע

רעדער [שפּינוועבס] זײַנען געווען קונציק א,
איינע אין די אַנדערע“, חג, דער מאַמעס
שבתים. —ערהייט. ־קייט.

▯

איינגעסעדערט — אַדי, פּאַר אײַנפֿעדערן ←.
־ ▯

א'ע קאַפּאָטע. ,,צעכראַסטעטע ווײַבער מיט א'ע
האָר“, מ ראַסקין, צוק, יאַנואַר 1937. ־
ערהייט.
איינגעפֿעלדזיקט — אַדי, פּאַר אײַנפֿעלדזיקן
־ ▯
←. “... אונדזער יִדיש לשון וואָס אין אים
זײַנען די נייטיקע העברעאיזמען
אײַנגעשטאַמיקט און א'“, יג, איק, 23 ▯ 1967 I.

▯

איינגעסעסט — אַדי, פּאַר אײַנפֿעסטן ←.
--
“מע זאָל וויסן די טבֿע וואָס איז א, אין די
גופֿים פֿון דעם אָנהייבֿ אַז זיי זענען באַשאַפֿן

געוואָרן״, חה, ב. ׳.. דוווו.

׳

איינגעסעסטיקט — אַדי, פּאָר אײַנפֿעסטיקן ־

(זיך) ׳.. א'ע געבײַען. א'ע פֿאָזיציע. א'ער רעזשים. ״א'ע יראה אין האַרץ״, תּניא, רמ. ,,... נאָך אַלץ ניט א', ס'האַלט ערשט אין

געאײַנגעצוואָגן

בּוירן ווערן״, זרובּ׳ל, דאָס נײַע לעבּען, נ״י, פֿעבּרואַר 1913. ־ערהייט. —קייט.

׳

איינגעסעסטעוועט — אדי, פּאַר אײַנפֿעסטע־־
ווען ←. פֿרגל דפֿוו. א'ע באַלקנס. ״שטייט
א, אין באָדן אַרײַן אַ פֿעסט־געבויטער פּאַרקאַן

פֿון ברייטע האַלב־קלעצער“, ש. פּערסאָוו,
אויצרעס, מאָסקווע 1939.

□ □

אײַנגעסעסערט — אדי, פּאַר אײַנפֿעפֿערן

□ -

□ .. א'ע פֿיש. פּאָלעמיק, א, מיט
שטעכווערטלעך. א'ע פֿעלצן. ־ערהייט. ־קייט.

□ □

אײַנגעסראָרן, ~געסרוירן — אַדי, פּאַר

□ -

אײַנפֿרירן □ ... א, פֿלייש. א'ענע הענט און
פֿיס. א'ענער באָדן. א'ענער זומפּ. א'ע □ ע חובֿות.
שטיין פֿאַרגליווערט, ווי א'. „ציט דער טראַקט
זיך, ווי אַ שפּיגל, גלאַנציק א'אָרן“, יהואָש,
'שליטלענדיק'. „זײַנע טענץ, ווי מײַנע לידער,
זײַנען א'אַרן“, מאָל, דער מלך דוד אַליין איז
געבליבן. „א'וירענע געבעקסן“, פֿאָר, 1965

III י 19. "קען עמעץ נאָך איצטער געפֿינען...
אין וואַלד — אַ פֿאַרבלוטיקט־פֿאַרטריקנטן
בענדל, אין שניי — א'וירענע טריט", הל, 'אויף די
וועגן ס בירער'. "די מתים, א'וירענע אין שניי,
מיט צלמער פֿונדאַנען ביז די ראַנדן,,, פמ,
מלחמה II. ־ערהייט. ־קייט.

-

איינגעסרעסן — אַדי, פּאַר אײַנפֿרעסן (זיך)

-

←. אַ ווייטיק (מחלה) וואָס איז א, אין די
ביינער. א'ענער זשאַווער. אַן א'ענער געדאַנק
(טעאָריע, שיטה אע). ,,האַלטן די הענט תּמיד
אָנגעשפּאַרט און א, אין די קאַלטע פֿעל פֿון
דער שלאַנג וואָס וויל דיך דערשטיקן,,, זשיט I,
נ"י 1912. ,,יִדן בראָדזשען דאָ באָרוועסע,
... רײַסן די קוסטעס און א'ענע גראָזן פֿון
אונטערן וואַסער", י)ראָל קאַפּלאַן, שליאַך און
אומוועג. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעצאָלט — אַדי, פּאַר אײַנצאָלן ←. א,

--

פֿורגעלט. א'ע ראַטע. ,,... מיט אַ קוויט שוין
אַפֿילו ▯אַר אַן א'ן חודש", ווײַס II, 'ווי דער
גורל פֿירט'. ־ערהייט.
אײנגעצאַמט — אַדי, פּאַר אײַנצאַמען ←.
-
פּפֿ: ~געצוימט. אַן א, שטיק פֿעלד. א'ע
פֿרײַהייט. א'ע פֿערד. א, תּאוות. (ניט־)א'ע
פֿאַנטאַזיע. א, אין אַן ענגן קרײַז. א'ער שטראָם.
פֿײַער... איז פֿון גרויסן נוצן, כּל־זמן עס
"
איז א'", אמד, דער ערשטער נאַבּאָר, ווילנע
1871. ,,מיט א'ן צאָרן האָסטו אים געזאָגט:
פֿאַרלאָרן...!,,, יהואָש, בּלומען און דערנער.
,,מײַן שטאָלצע שיף... אַן אומרואיקע שנײַדט
דײַן א'ע טיף", מל, 'ים־רויש!'. ־ערהייט.
־קייט.
אײנגעצאַצקעט — אַדי, פּאָר אײַנצאַצקען
-
←. אַן א, בּאַלקלייד ־ערהייט ־קייט.
. .
אײנגעצאָרנט — אדי, פּאַר אײַנצאָר(ע)נען
-
←. א'ער בּעל־הבּית, וועכטער אאַזוו. ־ער—
הייט. ־קייט.

איינגעצוואָגן — אדי, פאַר אײַנצוואָגן ←.

-

.

א'ענע קעפּלעך. א, מיידעלע. ז ײַ ן א, = ווערן
אַרײַנגענאַרט (ספּעצ בײַם שפּילן אָקע) ־ער—

.

הייט. ־קייט.

אײַנגעצוואונגען

איינגעצוואונגען — אַדי, פּאַר אײַנצווינגען

-

 ←. א'ער וואַסערשטראָם. א'ע פּשרה. ־

ערהייט. ־קייט.

אײַנגעצויבערט — דזוו אײַנגעכּישופֿט.

־קייט.

אײַנגעצויגן — אַדי, פּאַר אײַנציִען (זיך) ←.

א'ענע הויזן. א'ענע טאַליע. א'ענער האַלדז.
א'ענע ליפּן. אַן א, פּנים. א'ענע ברוסט = וואָס
האָט ניט מער קיין מילך. *א'ענע פּרנסה, קראָם
אע = וואָס האָט געגוג באַשטענדיקע קונים.
„ליד פֿון דעם טעריק: פֿאָררעדע צום טעריק,
מען מוז פֿאָרקומען [= זיך ווײַזן פֿאַרן עולם]
א, אין אַ רויטער דעקע אָדער שאַל“, פֿון אַ
בדחנישער שפּיל [ייִשפּ 4 ,XIII]. „די

זאָקנבענדער [בײַ דער שוואַנגערער פֿרוי] דאַרפֿן ניט זײַן שטאַרק א',,, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. "באַקן א'ענע, מיט האָר באָוואַקסענע און בליקן קאַלטע,,, פּה פֿון ווײַטע

,

לענדער. ,,אַן אָרעמאַן... מיט אַן אויג אַן א' ענעם אין בלינדן שלומער,,, הל, אין טרעבלינקע.... * ל ע ב ן (זײַן) א, = מיט קנאַפּע מיטלען, זייער שפּאָרעוודיק, אָרעם. ,,מיר זענען שוין אַזוי א, אין דעם וויסטן, טרויעריקן לעבן אַז מע מיינט אַז עס דאַרף אַזוי זײַן,,, ש. בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887. ־ערהייט. —קייט.
איינגעצוימט — אדי, פֿאַר אײַנצוימען ←.
־

פּפֿ: י,,געצאַמט. אַן א'ער הויף. א'ער ווייטיק. א, אין אָן אייגענער ענגער וועלט. ,,וויבאַלד זיי [מאַן און פֿרוי] זענען נישט אָפּגעהיט און א, [בשעת תּשמיש], איז פֿאַר [זיי]... בשעת מיתה ערגער ווי דאָס גיהנם,,, ספֿר הנהגות טובֿות, וואַרשע תּרנ,,ב. ,,דאָס לעבן פֿון קיבוץ איז פֿאַרבליבן א, אין דער גרעסטער שפּאָרזאַמקייט", סעג, מײַנע זיבן יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ. ־קייט.

איינגעצוקערט — אַדי, פּאַר אײַנצוקערן ←.
--
א'ע קאַרשן. א'ע יאַגדעס. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעצייכנט — אַדי, פּאַר אײַנצייכענען (זיך) ←. א'ער סימן. א'ע שטריכן. ־ ערהייט. ־קייט.
אײַנגעציילט — אַדי, פּאַר אײַנציילן ←.
א'ע זאַכן בײַם מאַכן אַן אינווענטאַר. א'ע מלקות. ־ערהייט.
אײַנגעצ(י)מצומט — אַדי, פּאַר אײַנצ(י)מצומען ←. א'ע פּאָרמולירונג ־קייט.
.
איינגעצירט — אַדי פּאָר אײַנצירן ←. א'ער
-
זאַל. צום יום־טובֿ א'ע קינדערלעך ־ערהייט.
.
־קייט.
איינגעצענטלט — אַדי, פּאַר אײַנצענטלען
-
←. א'ע בּרוכצאָלן.
אײַנגעצערט — אַדי, פּאַר אײַנצערן ←.
דאָס א'ע געלט. "אַן אויסגעדאַרטער, אַן א'ער, איז מײַן זון געקומען פֿון..." ־ערהייט.
.

־קייט.

איינגעצערטלט — אַדי, פֿאַר אײַנצערטלען

.

. ״מײַן מאַן איז בײַ מיר אַן א'ער״.

־קייט.

1123

אײַנגעקאָוועט — אַדי, פֿאַר אײַנקאָוועןְ ←.

א'ע פֿערד. א'ע שטיוול. א'ער קאַסטן. א'ע

אַרעסטאַנטן. פֿענצטער, א'ע אין אײַז. „[ער]

איז געשטאַנען ווי א, אויף איין אָרט און האָט

ז אַלץ נאָכגעקוקט, ביז זי האָט זיך

פֿאַרי

קערעוועט״, קמ, 24 1864' No. ״אויפֿן טיש

גייט א אַ גאַנץ ברייטער אָנגעבלאָזענער

ער,

דענער טינטער״, מ. דלוגאַטש, די וועלט מסורה,

וואַרשע 1881. „... ווײַטער פֿון דער ערד, וואָס

איז א, אין אײַזן, אָפּגעשווענקט מיט בלוט

און שווייס״, ר. אַדעלהיים, דער פּאַסאַזשיר,

וואַרשע 1914 ־ערהייט. ־קייט.

.

איינגעקאַטשייעט — אַדי, פּאַר '

אײַנקאַ - -

טשײַען,. דזוו דוווו. א, אין בּלאָטע. „האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַ מענטש... דורכויס א, אין פֿעדערן", אמד, דער ישובֿניק, ווילנע 1867.

אײַנגעקאַטשעט — אַדי, פּאַר אײַנקאַטשען (זיך) ←. אַן א'ער אין בּלאָטע ווי אַ דבֿראחר פֿארבּיסן מיט צוויי אָפּגעשיילטע אייער, —. - -

גוט א, אין זאַלץ", שע, יוגענד ראָמאַנען. "די ווענן זענען נאָך געווען בּלאָטיק־ווייך, ניט א',,, . רודאָי, טמז, 1965 2.

אײַנגעקאָכט — אַדי, פּאַר אײַנקאָכן ←.

--

א'ע גרינסן, פֿלייש. א, אין קרויט. ז ײַ ן א, = פֿאַרקאָכט פֿאַרליבּט. "אָלגאַ האָט ניט געוואוסט — ,

אַז איך בּין אין איר אַזוי א',,, חג, טמז, 11 1967 III. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעקאַלכט — אַדי, פּאַר אײַנקאַלכן ←.

--

א'ע ווענט. א'ע הויזן. ־ערהייט.

אײַנגעקאַמט — אַדי, פּאַר אײַנקאַמען ←.

פּפֿ: ~געקעמט. א'ע האָר. אַ ברייטע א'ע
באָרד. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעקאַסירט — אַדי, פאַר אײַנקאַסירן .
א'ער וועקסל. א'ע קאָמפּלימענטן. ,,ד...
הוצאָות וועלן זײַן גוט א'‘‘, יראל קאַפּלאַן,
שליאַך און אומוועג. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעקאָסקעט — אַדי, פּאַר אײַנקאָסקען
--
←. פּפֿ: ~געקאָשקעט. ‘‘אַן א'ע ווײַב איז
א רפֿואה פֿאַרן לײַב,,, שוו ־ערהייט.
-
איינגעקאָפּ(י)עט — אַדי, פּאָר אײַנקאָפּיען
-
←. א'ע קאַרטאָפֿל. ‘‘האָט מען געפֿונען אַ
קריגל בוימל וואָס עס איז געווען א.פּעט אין
דער ערד‘‘, סשי I, קכו. ,,נעמען זיך צו דער...
מאַסע מענער פֿרויען און קינדער, וואָס האָבן
,
זיך געהאַלטן צוזאַמען, א'פּיעט הינטער די
ווענט פֿון די דרומדיקע בערג‘‘, אַש, משה.
איינגעקאָראָנייעט — אַדי, פּאַר
אײַנקאָראָנייען ←. אָפּטער: ~געקאָר(ע)נייעט.

פֿעטס איז א, אין אירע טעפ,,. א'ע מידות.

,,
,,איך בּין קראַנק, אַ שטאַרק א, קראַנקייט,
אַ ירושה פֿון מײַנע עלטערן,,, משה ווײַנבּערג,
די חרטה, בּאַרדיטשעוו 1898.
אײַנגעקאַרבּט — אדי, פּאַר אײַנקאַרבּן ←.
אַ נאָמען, א, אין קאָרע פֿון בּוים. אַן א'ער
מילכיקער לעפֿל. "[זי] כאַפּט אַרויס די האַנט:
די פֿינגער טיף א, און בּרוין און בּלאָ
פֿאַרלאָפֿן,,, ווײַס, אַ שלעכטע פֿרוי. ,,וואָס בּלײַבּט
דיר?... קנייטשן, אין פּנים א'", הר, אין

אײַ'נגעקוטשעבּו'רעט

שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט. ,,מיר טר□גן א, די
יאָרן אין די הויטן", אפֿא, לויטער...קוואַל.
,,סימנים, א, אין מײַן געמיט פֿון קאַמף און
פֿון פֿאַרלוסט", א. שומיאַטשער, אין שעהע1
פֿון ליבּשאַפֿט ־ערהייט ־קייט.

. .

אײַנגעקאַרגט — אַדי, פּאַר אײַנקאַרגן ←.
א'ע גראָשנס. א'ע ווערטער. ־ערהייט.
־קייט.
אײַנגעקאָרטשעט — אַדי, פּאַר

אײַנקאָרטשען (זיך) ←. שטיין אַן א'ער אי▯ ווינקל.
אַן א, פּנימל. אַ האַרץ א, פֿון צער. אַן א'ע
נשמה. ,,א'ע אָדערן און פֿאַרקרימטע היילט ער
אַז מע טרינקט זײַן וואַסער,,, תּעלה ארוכה,
לבֿובֿ 1850. ,,דאַרע, קוואַרע, אויסגעדייווערטע,
פֿארחוֹשכטע פֿאַרפֿינצטערטע, אײַנגעהויקערטע,
— ,
א'ע, ציִען זיי זיך מחנותוויִז“, ממוס, 'בישיבֿה
של מטה'. ,,לעמקע — אַ ביסל א, אין זײַן
קאָרטענע קאַפּאָטע,,, בֿ. גאָרין, פּסח..., נ,,י
1899. ,,א, אין זיך, מיד פֿון אַלע ווערטער,
ווי אַ קראַנקע חיה זוך איך פּוסטע ערטער,,,
מלך כמעלניצקי. ־ערהייט — ליגן א'. ,,די
מאַמע איז עפּעס אַרומגעקראָכן אין די
ווינקעלעך א'“, ווײַס I▯, 'זעלנער'. ־קייט.
אײַנגעקאָרסעטעוועט — אַדי, פּאַר
אײַנקאָרסעטעווען ←. ,,זייערע לעבנס [פֿון די
קריכערס] זײַנען ניט אַרומגעצוימט פֿדן גדרים,
ניט א, אין אינסטינקטן“, ש. בלו▯, דער בוי▯
פֿון לעבן, נ“י 1931.
איינגעקאַשערט — אַדי, פּאַר אײַנקאַשערן
▯־
←. א'ע אַרבל. ־ערהייט.

אײַנגעקוואַטירט — אַדי, פּאַר אײַנקוואַטירן
←. פּפֿ: ~קוואַרטירן. א'ע זעלנערס. א'ע
פּליטים.
אײַנגעקוואַרט — אַדי, פּאַר אײַנקוואַרן ←.
געוויינלעך צוזאַמען מיט א ּיִנגעדאַרטי אַן א'ער
סקעלעט. א, ווי אַ שפּאָן, שפּענדל. „ער איז
אַזוי אײַנגעדאַרט און א אַז עס איז אַ גאָטס
,

רחמנות אויף אים„. „סטודענטקעס,
אײַנגעדאַרטע און א'ע פֿון אַן אומגליקלעכעו ליבע„,
מוק, מײַנע באַגעגענישן. ּ'צווישן די עבֿרישע
שקלאַפֿן, א'ע פֿון אַרבעט, הונגער און פּײַן,
האָט זײַן מאַיעסטעטישע מעכטיקע פֿיגור זיך
אַרויסגעהויבן“, אַש, משה. „איר אין אײַער
לעבן א'ן... ווייסן נישט אויף וואָס זיי
וואַרטן“, י. מאַניק, 'די פֿאָן און די בגדים, ־קייט.
.
אײַנגעקוועטשט — אַדי, פּאַר אײַנקוועטשן
←. א'ער פֿינגער. א'ע פּאַפּירן. „מה־בצע...
דאָ איז דיא ה איין גקוועטשט, אַלז ווען זיא
ניט דא שטונד... אַזוי איז בג“ד כפ„ת מיט
איין דגש“, אבֿן יּראל, מעץ 1766 -

ער.

הייט. ־קייט.

איינגעקוטעט — אַדי, פּאַר אײַנקוטען (זיך)

-

←. אַן א'ע אין זיבּן שאַלן. „אין טולופּ א, איז געזעסן און געטרייסלט זיך פֿון קעלט“, הר, הרודעס „אַ זון... א, אין אַ ווײַסן קאַלטן שלייער, נאָר פֿאָרט אַ זון„, עליע שעכטמאן, אַפֿן שיידוועג, כאַרקאָוו 1930.

□

אײַ'נגעקוטשעבּו'□עט □— אַדי, פּאַר '

אײַנאײַנגעקויטיקט

קוטשעבּורען'. אוקר. a□[□6 □.□Iך□y□]: □ □ <.

אײַנגעדרייט, אײַנגעקנוילט; אײַנגעקאָרטשעט. א, פֿון קעלט. א, פֿון אַלטקייט. “בּאַשעפֿעניש איז געלעגן א, ווי אַ קנויל, די אייגעלעך צוגעמאַכט“, שע, 'בּאַשעפֿעניש,. דז אויך: □, געקוטשקעט, מג.

איינגעקויטיקט — אַדי, פּאַר אײַנקויטיקן

-□

(זיך) ←. א'ע שטיוול. א, קליידל. „געטראָגן

שווערע טרעפּעס, א'ע מלבֿושים", י. בֿריקס, היימיש, מײַ 1959. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעקויסט — אַדי, פּאַר אײַנקויפֿן (זיך)

 ... א'ע סחורה. אַן א'ע מצווה. א'ער מפֿטיר. אַן א'ער אַמט. א, ז ײַ ן אין אַ חבֿרה — „די מלאָכה האָט ליבֿ דעם טרונק און אַנדערש קען מען נישט זײַן א, אין דער חבֿרה פּועלי־צדק", ממוס, ווינטשפֿ ־ערהייט — א, אָפּטראָגן

.

צוריק. ־קייט.

איינגעקומען — אַדי, פּאַר אײַנקומען ←.

-

א, געלט. א'ע הכנסה. א'ע בֿריוו.

איינגעקופּ(י)עט — אַדי, פּאַר אײַנקופּ(י)ען

--

(זיך) ... צוגעדריקט נאַענט איינס צום אַנדערן. „די יונגען זײַנען געזעסן מיט די פּנימער א אַרום טישל", דטש, דוקאָר. „ראָזע,

מאַ,

טילדע און רחלע, א, אַרום אים", אַש, חייס

לעדערערס....
איינגעקושט — אַדי, פּאַר אײַנקושן ←.
--

פֿאַרוויגט און צערטלעך א'. דאָס קליינע
בלאַ —
סע קינד... אַ רגע עפּנט אויף די אייגעלעך“,
מל, 'דאַן בײג איך טיף,. ־ערהייט.
איינגעקייט(לט)
— אַדי, פּאַר אײַנקייט(לע)ן.
--

←. אַן א'לטע טיר. א'לטע הענט. עפּיזאָדן,
א'לטע אין אַ דערציילונג. „מיט קייטן שווערע
שטיי איך א'“, יודיקאַ. א'לטערהייט.
א'לטקייט.
איינגעקייקלט — אַדי, פּאַר אײַנקײַקלען
. -
(זיך) ←. א'ער שניי. אַ קראַנקער, א, אין
אַ לײַלעך. „געזיכטער א, אין מרה־שחורה„,
דער לאַנד חכם, נ“י No '1894 10. ־ערהייט.
איינגעקירצט — אַדי, פּאַר אײַנקירצן ←. א,
-

קליידל. א'ע דעבאַטע. ־ערהייט. קייט.
איינגעקלאָגט — אַדי, פּאַר אײַנקלאָגן ←.

-

א'ער בעל־חובֿ. „אַן א'ער איז נאָך ניט קיין פֿאַרמשפּטער“ ־ערהייט ־קייט.

— . .

אײַנגעקלאַמערט — אַדי, פּאַר אײַנקלאַמערן

--

(זיך) ←. זײַן (בלײַבן) א, צווישן צוויי אַקעגנדיקע כּוחות. א'ער אײַזן. די א'ע פֿיסלעך פֿון די כינעזערינס. „האָבן זיך פֿעסט צוגעהאַלטן מיט א'ע הענט און פֿינגער„ ווײַס, אַ שטעטל. „אַרעסטאַנטן ליגן א, — קעפּ און פּנימער צו קני און פֿיאַטעס“, הל, א בלאַט.. עפּלבוים. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעקלאַסט — אַדי, פּאָר אײַנקלאַפּן ←.

--

א'ער נאָגל. א'ע זוילן. א'ער שניי. א'ע אייער. א'ע תּורה. ־ערהייט. —קייט.

איינגעקלונגען — אַדי, פּאַר אײַנקלינגען ←.

-

ווערטער, א'ע אין אויער. „אין אײַערע געבײַטשטע גלידער איז א, זייער הויך“, סוצ, ייִדישע גאַס ־קייט.

.

איינגעקליבן — אַדי, פֿאַר אײַנקלײַבן ←.
--
פּפֿ: ~געקלויבן. א'ענע אַגדעס, שפּעני
דלעך אאַזוו ־ערהייט. ־קייט.
איינגעקליידט — אַדי, פֿאַר אײַנקליידן (זיך)
.
←. אַן א'ע אין זײַד. „זיצט דאָ... אין ראָזעווע קרעפּ א'„, זש, טמז, 20 1966 III.
איינגעקליי(ע)ט — אַדי, פֿאַר אײַנקלייען
-
 .. א'ע פּאָדעשווע. א'ע בילדער. „זײַן אייגענע פּאָלע איז א'עט‟, י. מ. אַלפּעראָוויץ, די וועלט מלחמה, ווילנע 1905. ־ערהייט.
אײַנגעקלעמט — אַדי, פֿאַר אײַנקלעמען ←.

-

.
אַן א, פֿינגער. א, אין אַ צוואַנג. „מײַן האַרץ איז א, אין ווייטיק‟. „לײַדנשאַפֿטן וואָס זײַנען

אונטערדריקט און א',,, פֿישל שניאורסאָן, מענטש־וויסנשאַפֿט I, נ,,י 1930. ,,אַן עקסטאַטישער מאמין אין אַ בורא־עולם, אַ גייער מיט א'ע לוחות אין האַנט'', ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I. ,,ס'האָט דער זשאַווערדיקער נאָגל, א, אין הענגער, געהאַלטן [די קאַפּאָטע],,, י. יאַנאסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל. ־ ערהייט. ־קייט — ,,די א, פֿון יִידישן פֿאָלק צווישן מעכטיקע פֿעלקער'', בּ. ריווקין, אַ גלויבּן אַר אומגלויביקע

איינגעקלעפּט — אַדי, פּאַר אײַנקלעפּן (זיך)

־

. א'ע זײַטן, מאַרקעס אאַזוו. ,,אַ פּשוטער שטיין ליגט אין בּרוק א', ווי אין פֿלייש ליגט אַ ביין'', יוסף ראָלניק, גש ־ערהייט.

.

־קייט.

איינגעקנאָדערט — אַדי, פּאַר אײַנקנאָדערן

־

.. ,,ער זיצט דאָרטן אַן א'ער... און אָטעמט שווער'', בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער.

אײַנגעקנאָטן — אַדי, פּאַר אײַנקנעטן ←.

--

פּפֿ: ~געקנעטן. א, טייג. א, אין ליים. א,
אין געדעכעניש. „אין דער וואַרעמקייט וואָס
נעמט אים אַרום איז א, דער חסד„, אַש,
תּהילים—ייִד. „ליגן קינדער א, אין די גריבער שניי„,
יהואָש, 'מלך ווינטער'. „ערגעץ טיף אין דער
ערד א'ענע וואַרטן אוצרות אויף אונדז“, הל,
'ערגעץ ווײַט'. „דער בלוטיקער אַש איז מיט
ערד א'„, סעג, איצטער. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעקנוילט — אַדי, פּאַר אײַנקנוילן (זיך)
-

 ... א'ע וואָל. „ליגט ער אײַנגעהויקערט, א,
וו אַן אָפּגעגאַנגענער באַנדוואָרעם“, פּרץ,
געי
דאַנקען און אידייען. „ליגן א'ע... די
אָפּגעלעבטע שעהן פֿון מײַן טאָג“, הל, אין קיינעמס
לאַנד. „שטיבלעך שלאָפֿן א'ע אין דער
מאַמענאַבט„, אפֿא, לויטער... קוואַל. „עס ליגט אין
קלויז אין חרובֿער אַן א'ער זקן“, סוצ,
פֿעסטונג ־ערהייט. —קייט.
אײַנגעקנייטשט — אַדי, פּאָר אײַנקנייטשן
-

(זיך) ... א'ע באַקן. א'ער שטערן. א'ער
פֿ י ל ע ק — אַזאַ וואָס אַ פּאָר אָדער מער זײַטן

זײַנען אויף אַרײַן, אין ריכטונג צום אינעווייניק.
"אַן אַלטע קוואָרט אַ מעשׂענע, אַ ביסל א'", ווז,
'בריוו, [פֿש II, 4]. ,,ער איז ניט דורכויס א,
אין טונקלקייט", שנ, דערציילערס און]
ראָמאַניסטן II. ,,אַן א'ער ווי אַ דאַרער דאָרן", מל,
,געזיכטער.

איינגעקראָכן

--

איינגעקנייכלט — אַדי, פּאַר אײַנקנײַלכלען

. -

←. א'ער פּאָדעם. ,,פּיסלעך, אויערלעך און
מײַלכל, א, אין אַ קנײַלכל־שפּרונג!", מל, 'אַ
העזל,.

איינגעקניפּט — אַדי, פּאַר אײַנקניפּן ←.

--

פּרגל פּאַר ~געקנײַפּט & ~געקניפּן פֿון
אײַנקנײַפּן ←. טיף פּאַרבונדן, צוניפֿגעבונדן.
אײַנגעוואָרצלט. וואָס איז מיט אַן
אַרײַנגעוואַקסענער באַהעפֿטונג. ,,אַן אמונה, אַז זי איז א,
אין אַ מענטשנס האַרץ, איז אַפֿילו טויזנטער
ריטער וועלן אים פֿון דער אמונה ניט
דערווײַטערן", דער אַרבּיט נער, וואַרשע 1882.

,,דו וואָס דו ביסט א, און אויסגעבונדן [פֿרגל
אויסגעקניפּט, ז, 198] מיט מײַנע יונגע יאָרן“,
שע פֿון פסח ביז פסח. ,,די סודית פֿון די
,
שמות הקדושים זײַנען אײַנגעקריצט, א, און
פֿאַרוועבט אין אים [= בית־המקדש],,, א.
ליפּינער, איק, פֿסח תשכ,,ד. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעקניפּלט — אַדי, פּאַר אײַנקניפּלען ←.

-
נייען מיט אַ ניט־א'ן פֿאָדעם. “דינערע
פֿעדעם... וואָס זײַנען... א, און טייללווײַז
פֿאַרבונדן צווישנאַנאַנד אויך,,, מוו, שוואַרצע
פּינטעלעד. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעקנעטן — דזוו אײַנגעקנאָטן. ,,דער
--
גרעסטער טייל פֿון דער וואַנט באַשטייט פֿון
שוואַרצע בלאָטע, א, אין שטרוי“, ספּ,
גליקליכע און אומגליקליכע.
איינגעקנעלט — אַדי פּאַר אײַנקנעלן ←.
-

די א'ע תּורה. א'ע טריגאָנאָמעטרישע פֿאָרמלען.
,,מע פֿאַרטונקלט אייגענע ירושה־ווערטן מיט
דעם... א'ן נאָכלויף נאָך פֿרעמדע
ליטעראַטורן", יג, טמז, 1965 III י 2. ־ערהייט.
—קייט.
איינגעקעכלט — אַדי, פּאַר אײַנקעכלען ←.
־
אַן א'ער איידעם ־ערהייט ־קייט.
. .
איינגעקעלזעוועט — אַדי, פּאַר
אײַנקעלזע־־
ווען ←. פֿיג. אײַנגעצוימט. ,,איבער סענע
זײַנען בריקן אָנגעזאָטלט און די ברעגעס
זײַנען א, אין שטיין,,, מאָל, חשונדיקע נעכט.
איינגעקעמט — דזוו אײַנגעקאַמט. א'ע האָר.
־
א'ער פֿלאַקס.
איינגעקערפּערט — אַדי, פּאַר אײַנקערפּערן
־.
←. אַן אונטערנעמונג, א, אין הסתדרות. אַן
א'ע אידיי(ע). ־קייט.
איינגעקערקערט — אַדי, פּאַר אײַנקערקערן
־־

.. אַן א'ער הינטער גראַטעס. „דער א'ער מענטשלעכער גײַסט האָט מיט שטורעם אויסגעבראָכן“, קמ, 29 1868, No. „באַפֿרײַט דורך פֿײַער די געפֿילן וועלכע זײַנען אין אים א',,, דפּ, 'בערגשטײַגער'.
איינגעקראָגן — אַדי, פּאַר אײַנקריגן ←.
-
א'ענע קאָמפּלימענטן. א'ענע רווחים.
איינגעקראַטע(ווע)ט — אַדי, פּאַר
אײַנקראַ -
טע(ווע)ן ←. א'ע פֿענצטער. די א'ע חיות אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.
איינגעקראָכן — אַדי, פּאַר ,אײַנקריכן'.
.
אַרײַנגעקראָכן. אײַנגעזונקען. „ווען איינר מאגר

איינגעקראַצט
-

וי , זײַנן... דיא אויגן אײַן גיקרוכן“, סהמ, תּהלים, עז, 7.
איינגעקראַצט — אַדי, פּאַר אײַנקראַצן (זיך)
--

→. א'ע בעקלעך. א'ער אות. —ערהייט.
־קייט.
איינגעקריגן — אדי, פאַר איַנקריגן →.
--

א'ענע מציאה.
איינגעקרייזט — אַדי, פאַר איַנקריַזן (זיך)
-.   -

. א'ע ווערטער, צייכענונגען אאַזוו. אַן
א'ער אין דער אייגענער קורצזיכטיקייט. „צי
איז ער אין אייגן פֿלייש און ביין ניט אַן
אייביק־א'ער?„, יעקבֿ פֿרידמאַן, נפֿילים -
ער.
הייט. ־קייט.
איַנגעקדיַזלט—אַדי, פאַר איַנקריַזלען →.
דזוו איַנגעגריַזלט →. א'ע האָר. —ערהייט.
־קייט.
איינגעקרימט — אַדי, פאַר איַנקרימען (זיך)
-

→. א'ע ליניע. אַן א, פּנים. „אינעווייניק איז
זי געשטאַנען ווי אַן א, פֿאַרזעעניש“, וויַס I,
'חיים אַהרן'. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעקריפלט — אַדי, פאַר 'איַנקריפלען'.
-

פֿאַרקריפלט. וואָס איז געמאַכט פֿאַר אַ קאַליקע.

אַן א'ער פֿון דער שלעכטער דערציאונג. „א',
אָפּגעזונדערט... טראָגט דעם גורל ער דעם
האַרטן, לערנענדיק געדולדיק וואַרטן“, יהואָש,
'דער פֿאָלקסגײַסט'.
אײַנגעקריצט — אַדי, פּאַר אײַנקריצן (זיך)
--

 .. א'ע אותיות. א'ער סימן. עפּיזאָדן, א'ע
אין זכּרון. די סודות, א'ע אין די צען ערשטע
פּסוקים פֿון בּראשית. „אויף דיא טאבֿיל מײַנשׂ
הערץ איז אין גיקריצט דײַן ליבשאַפֿט„, צאינה,
קצ/ב. „איך זע מײַן שטאָט, די א'ע ערטער„,
סעג, איצטער. “דײַן יעדער טואונג, א, אין
דויער, גאולה־וואונדער וואָס דײַן ווילן בּויט“,
סוצ, געהיימשטאָט. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעקרעכצט — אַדי, פּאַר 'אײַנקרעכצן'.
-

נעאָל. “די גאַנצע אײַנגעבּאָרענע, געירשנטע,
אײַנגעקריצטע און א'ע בּענקשאַפֿט צו ציון„,
יג, איק, 17 1964 II.
איינגעקרעמפּירט — אַדי, פּאַר

אײַנקרעמפּירן (זיך) ←. א'ע האַנט. “ער פֿלעגט בּלײַבּן
ווי א, אין זיך מיט זײַנע אַלע געפֿילן“, ווײַס I,
'דאָס לעבּן'.

איינגעקרעמפּ(עווע)ט — אדי, פּאָר

אײַנקרעמפּ(עווע)ן ←. די א'ע רצועות פֿון של־יד.
האָר, אײַנגעדרייט און א'עוועט אין פּאַפּיר.
א'עוועט מיט דראָט. „אַ סיסטעם פֿון שטרענגגן
צמצום פֿון א'ן פּאַסיק“, אפֿא, געטראַכט מיט

,

ע□רי־טײַטש ״די הענט — שטײַף וו אַן א'
עווע'

טע מיידלשע טאַליע“, דער אמת, באָסטאָן 1895,
No 9. ״באפֿרײַט אירע פֿיס וואָס זענען ניט
געווען צוגעוואוינט צו זײַן אַזוי א'עוועט„, י.
מעצקער, אויפֿן זיידנס פֿעלדער. „דער מחבר
איז אַפּנים א, אין דעם קרייצצוג קעגן
פֿאָרמאַליזם בכלל“, ימ, ייִבל X□II, 3 ־ערהייט.

.

־קייט.

-

איינגעקרעמסט — אַדי, פּאָר 'אײַנקרעמפֿן'.

--

אײַנגעדריקט, אַרײַנגעדריקט מיט קראַמף, מיט

ציטער און כּוח גלײַכצײַטיק. “שטויסן מיר זיך
צונויף אין קאַמף, די פֿינגער א, איינער אין
דעם אַנדערנס האַלדז,,, זשיט III □, נ“י 1919.
איינגעקרענקט — אדי, פּאַר אײַנקרענקען
-.
→. דאָס א'ע געלט. די א'ע ענערגיע.

□

איינגעקרעסטיקט — אדי, פּאַר

אײַנקרעפֿטיקן (זיך) □.. מיט וויטאַמינען א'ע שפּײַזן.
א'ע פֿאַרטיידיקונג.
איינגעראַכט — → אײַנגעריכט.
□Iיינגעראָלט — אדי, פּאַר אײַנראָלן →. א'ע
— □□□□□□□ □□□□□ □ ,,□

--

מגילה. א'ער פּאַק סחורה. ''אָפּגעשטיגן פֿון דער באַן... מיט א'ע געצעלטן'', פּנחס גאָלדהאַר, גש, מעלבורן 1949.

אײַנגעראַמט 1 — אַדי, פּאַר אײַנראַמען ←.

--

פּפֿ: ~געראַמט. אַן א, בילד. ''א אַרום

,

מיט ביימער, ליגט דער טײַך, אינגאַנצן

זילבער,,, יהואָש, 'די קעטסקיל־בערג'. ,,.. האַלט ער אין די הענט זײַן פּנים א''', חג, 'דורות'.

,,נישט די קרוין אויפֿן קאָפּ איז דער עיקר, נאָר דער קאָפּ וואָס איז אין דער קרוין אײַנגעראַמט'',

טמז, 1963 י 20. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעראַמט ll — אַדי, פּאַר אײַנראַמען,

-

~ראָמען ←. פּפֿ: ~געראַמט. אַ סוד, א, אין אויער. א'ע חדרים. ־ערהייט. —קייט.

איינגעראַנט — אַדי, פּאַר 'אײַנראַנען'. אַרכ.

--

אָנגעלאָפֿן. אַרײַנגעדרונגען. ''דא קאמן דער היידן ויל איין גיראַנט'', שמואל־בוך, 301.

איינגעראַצט — אַדי, פאַר איַנראַצן (זיך)
-

←. א'ער טיש. א'ע הענט. „פֿאַרמערן
פאַלמען קען זיך איַנגעבן מיט עטוואָס א'ע זאָט
(קערנער)“, אַגראָנאָס י. ראַסיין, די שענסטע
צימער בלומען, קאָוונע 1932. ־ערהייט.
־קייט.
איינגערואיקט — אַדי, פאַר איַנרואיקן (זיך)
--

... אַן א'ער המון. א, געמיט. „אונטערן
לענגלעכן צודעק פֿון אָרון — אַ וואונדער אַזאַ:
רמ"ח א'ע אבֿרים און גידים שס"ה", הל -
ער.
הייט. ־קייט.
איינגער גזט — אַדי, פאָר איַנרוֹגזן ←.
-
א'ער האַר. „אַן א'ער, האַט ער גאָרניט
געענטפֿערט" ־ערהייט ־קייט.

. .
איינגערויכערט — אַדי, פאַר איַנרויכערן
-

←. פפֿ: ~גערייכערט. אַן א'ע שטוב. א,
פֿלייש ־ערהייט ־קייט.

.

אײַנגערוימט — אדי, פּאָר אײַנרוימען ←.

-.

פּפֿ: ,גערײַמט, ~געראָמט. אַ סוד, א,
אין אויער. שטיל־א'ע וואָרנונג. ־ערהייט.
—קייט.

איינגערונען — אדי, פּאַר אײַנרינען ←. דאָס

-

א'ע וואַסער.

איינגערונצלט — אדי, פּאָר אײַנרונצלען ←.

--

א'ע הויט. „דײַן שטערן פֿון דײַנם פּנים ווערט
זײַן פֿר פֿינשׂטרט און, א'", צאינה, קעה/ד.
"באַגעגנט... האָט ער אַן אַלטן מאַן... זײַן
געזיכט איז א'", פּמ, מלחמה II. ־קייט.

איינגערוסט — אדי, פּאַר אײַנרוסן (זיך) ←.

-

א'ע פּנימלעך. *זעסט אויס ווי א, = האָסט זיך

אײַנגעריכט

--

בּאַנאַרישט, בּיסט אַפּנים דורכגעפֿאַלן „דו
מוסרסט? ווי נאַריש דו בּיסט, גיי צום שפּיגל,
ווערסט זען אַז דו בּיסט איַינגעריסט“, שוו. „דער
אַ קירזשנער, יענער אַ שוסטער... דער
קאָוואַל אַן א'ער“, עט, לידער. “אַלע אומות־העולם
קומען אַרויס א, ווי די קוימענקערער“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. „קומט ער איינמאָל
איַינגעריסט, ס'רינט אים בּלוט פֿון נעזל“,
מבּאָ, דער גייער. “דערזען ווי די דינסט איז א'.
האָט ער זיך צעלאַכט“, אָפּא, אין פּוילישע
וועלדער ־ערהייט. ־קייט.

▯

איינגערוסן — אדי, פּאַר איַינרופֿן ←. אַן

▯

▯ -

א'ענער צום מנין. א'ענע קאָנפֿערענץ. א'ענע
אין אַרמיי. ־ערהייט — קומען צו מנחה

נאָר א'. ־קייט.
איינגערוקט — אַדי, פּאַר אײַנרוקן ←. אַ
--
העמדל, ניט א, אין די הויזן. א'ער טשאָלנט.
א'ער אין אַ ווינקל. אַ בּחור, א, אין מיליטער.
איינגערטנערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
גע־־
גערטנערט. אַרײַננעמען ווי אַ טייל פֿון גאָרטן;
מאַכן עס זאָל וואַקסן אין גאָרטן. א, (אַ בּייט)
בּלומען. „א, אַ בּוים איז גאָרניט גוט, די גרינסן
בּאַדאַרפֿן וואָס מער זון“, רייד (קיידאַן, ליטע).
איינגעריבּן — אַדי, פּאָר אײַנרײַבּן ←.
--
א'ענע ציבּעלע. א'ענער כריין. שטיוול, א'ענע
אין טראָן. א'ענער וועג = גלאַט, אָן הרודעס.
אַן א'ענער = א) אַ דורכגעטריבּענער; בּ)
אָנאַניסט. “שמעלץ דאָז אַלז [= די קרײַטער]
צוזאַמין... שמיר דא מיט דשׂ גליד [וואָס איז
אָפּגענומען],... וואול אײַן גריבּין„, סור I,
כו/ב. „דינגען אַ קראָם... אַן א'ענע מחיה“
[מיכיע, א'ענע = געזיכערטע, אַזאַ וואָס האָט
שטענדיקע קונים], קמ, 1866, No 19. „עס איז
שוין דאָרט א'ענע שפּע“, צעד. ־ערהייט.
—קייט.

איינגעריגלט — אדי, פּאָר אײַנריגלען →.

א'ע טיר. אַן א'ער אין אַ שטאַל. ־ערהייט —
א אַרויסקריכן דורכן פֿענצטערל —קייט.

איינגעריטן — אַדי, פּאָר אײַנרײַטן →. אַן

א, פֿערד. א'ענע אין שטאָט.
איינגערייט — אַדי, פּאָר אײַנרייען →.
קינ־־
דער, א, צו צוויי.
איי'נגערייט — דאָס? ־ן. ארכ. צונויפֿקום,

אָנקום פֿון רײַטערס. „דא עשׂ נון קאַם צו
דער צײַט דשׂ דער טג בֿון דעם שטעכן זולט
ווערן, דא זאַך מן איין גרושׂ איין גירייט בֿון
מענכם ריטר אונ, גרושׂם הערן“, בּבא־בּוך, 117.
איינגערייצט — אדי, פּאָר אײַנרייצן →.

א'ער כלבֿ. א'ער המון. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעריכט — אדי, פֿאָר אײַנריכטן I ←.
--

פּפֿ: ▯,געדעכט. א'ע גלידער, בּגדים, כּלים
אאזוו. א, אין בּלאָטע, אין צוֹאה. א, אין (מיט)
עבֿירות, זינד. הענט, א'ע אין בּלוט. א'ע
רעפּוטאַציע. ״איין פֿרוי זאָגט ניט אַ צווייטער:
דײַן פּנים איז א''', שוו. „ווײַל ער נאָך מיט
עבֿירות א, איז, אַזו נעמט מן אים זײַן תּורה
ניט אַן פֿר הש״י״, עח, סג/ד. „ווער זיך
אויסשנײַצט און זײַנע פֿינגער זענען א, פֿון דעם

אײַנגערינגלט

אויסשנײַצעכץ, זאָל ער קיין ספֿר אָנרירן, בּיז
ער זײַנע פֿינגער אָפּווישט״, ספֿר חסידים,
ווילנע תקע״ט. ״עס איז אַ גרויסער חובֿ אויף
איטלעכן יהודי, ער זאָל גוט אַכטונג געבּן
אויף זײַנע קליידער, זיי זאָלן זײַן ריין אַ▯ ילו
ניט בּשעת התּפֿילה, וואָרעם די קדושה רועט
ניט אויף אַן א'ן אָרט״, קה. ״ווי ווען איך
אויפֿהייבּן מײַן פּנים פֿאַר דיר... מיט א'ע
קליידער, וואָס איך האָבּ אײַנגעריכט מײַן נשמה
מיט מײַנע זינד״, תּחנה שערי תּשובֿה, ווילנע
1858. ־ערהייט. ־קייט.

איינגערינגלט — אַדי, פאַר איינרינגלען ←.
א'ע גרײַזן. א'ע שטאָט. „וואו דא שטיט איין גרינגלט צווישן צווייא הלבני לבֿנות (תר'), דשׂ מיינט דז דער תּרגום מכט דעם פּשט אַזו„, סהמ, הקדמה כּתובים, לובלין שפ"ו. „אין די ווינקלען פֿון סופּיט... שטייען א, און פֿאַרכישופּט... דער גיבורדיקער לייב, דער בייגעוודיקער לעמפּערט", הל, 'די שטאַל'. „ער איז א, אין סבֿיבֿה־איינפּלוסן", מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־ערהייט. —קייט.
איינגעריסן — אַדי, פאַר איינרייסן ←. אַן
--
א'ענער אַרבל. אַן א'ענע פּרנסה. א'ענע באַציאונגען. מלל פֿאַרטײַטשט 'וחומת ירושלים מפֿורצת, (נחמיה, א, 3): „אין גרישן" [תּי: „איינגעבראָכן„]. „אין וועג האָב איו אַלץ די א'ענע פֿאָלעס געוואָלט באַהאַלטן", ג. י. ראַוויטש, דער גוואַלד ריס, ווילנע 1883. *אַן א'ענע(ר) = ווער עס האָט איינגעריסן מיט זײַן (פּרומער) סבֿיבֿה. "שפּעטער ווען ער איז געוואָרן א, און די עלטערן האָבן זיך געשראָקן פֿאַר חילול־שבת...„, דער איד, נ„י, 1959 13 XI. ▯ערהייט. ־קייט.
איינגעריקט — לאָקל, סאָניק און אומג'.

דזוו געשטאָרבן.
איינ(גע)רעגולירט — אַדי, פּאַר
אײַנרעגו־
לירן ←. א'ער פֿאַרקער. א'ע באַציאונגען.
־קייט — „פֿאַלן פֿון ניט־
אײַנגערעגולירטקייט“, סאַכאַקלען פֿון דער אַרבעט
איבער דער
ערד אײַנאָרדענונג... אין דעך
ווײַסרוסלענדישער... רעפּובליק, האָמעל 1927.
אײַנגערעגנט — אַדי, פּאַר אײַנרעגענען ←.
א'ער מאַנטל. „אַן א'ער, אַ דורכגענעצטער, האָט
ער געכאַפּט אַ פֿאַרקילונג“ ־ערהייט.

אײַנגערעדט — אַדי, פּאַר אײַנריידן (זיך) ←,
אײַנרעדן (זיך) .. אַן א'ער קראַנקער. א'ער
כּוח, כּבֿוד, שטאָלץ. א'ע שטאַרקייט,
שוואַכקייט. א'ער ג ע ד אַ נ ק — וואָס צו אים האָט
מען זיך ניט דערטראַכט, נאָר באַווירקט
געוואָרן דורך רייד, פּראָפּאַגאַנדע, או איז אַ
סתּירה צום אמת. אַן א'ע ז אַ ך — וואָס האָט
ניט קיין אָביעקטיוון גרונט. „די שׂנאה צו ייִדן
האָט זיך אײַנגעוואָרצלט בײַ די אומות־העולם
גלײַך מיט אַלע אַנדערע... שטותערײַען און

נאַרישע א'ע זאַכן", ממוס, אַ סגולה.... „אַן א'ע קרענק איז ערגער ווי אַן אמתע,', שוו [אַן אמתע קען מען אויסהיילן]. "בײַם עולם איז א, געווען אַז ר, חיים איז אַ מעטער, אַ גרויסער מבֿין אין דאָקטאָריע,„ ממוס, שלמה. „זיי [די

1126

קראים] זײַנען בײַ זיך א', דאָס זיי זײַנען די אמתע ייִדן", איבֿז שפּערלינג, דיא קאַראַימשע מיידכען..., וואַרשע 1899. ־ערהייט.
—קייט.

אײַנגערעדערט — אַדי, פּאַר 'אײַנרעדערן'.
נעאָל. אַרײַנגענומען אין אַ ראָד, אין רעדער.
"קרײַזן רעדער, רעדער, רעדער, א',
אײַנגעגדרט, אײַנגעסדרט אין טומאַן", יעקבֿ פֿרידמאַן, נפֿילים.

אײַנגערעכט — דזוו אײַנגעריכט. ←
אײַנרעכטן I. „איז יהושוע [כּהן גדול] גישטאַנין פֿר דען מלאך אין אײַן גירעכטי, בּשמירטי קליידר", נצ1, בּמדבּר, טו/ד. „וואָס דאַרפֿט איר דאָס קינד צו קוילען... אײַערע הענט זאָלן זײַן א, פֿון בּלוט?", איין ווינדרליכי מעע)ה פון מדינות אַפֿריקי [סוף 18. י„ה?].

,,געפֿונען אַ זאַק, א, מיט בלוט,,, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839. ,,די נשמה איז א, אין שלעכטע אמונות אָדער אין שלעכטע מעשׂים", ר, משה בר, נתן נטע איבז, ש ט מוסר, סודלקאָוו 1833. ־ערהייט. ־קייט.

איינגערעכנט — אַדי, פאַר אײַנרעכענען ←.

אַלע א'ע הוצאָות. דער א'ער פֿערציקעד. "... האָב די תּחינה געמאַכט, עס זאָל א, זײַן נאָך מײַן טויט. ווער די תּחינה וועט לייענען, וועט די תּפֿילה פֿאַר געוויס אָנגענומען ווערן פֿאַר השם־יתברך,,, רה בת טו ים, תּחנה שער היחוד על עולמות [אין אַ דרוק פֿון רוסל נד, פֿאַר 1836] ־ערהייט ־קייט.

איינגערעמט — אַדי, פאַר אײַנרעמען ←.

דזוו אײַנגעראַמט I. פד. ,,אַ פֿנים פֿון אַ גאַנץ יאָר, אין אַ בערדל א',,, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.

אײַנגערעמלט — אַדי, פאַר אײַנרעמלען ←.

א'ע פֿאָטאָגראַפֿיעס. "א, אין אַ פֿאַס פֿון בלאָער פֿאָליציי", נאַד. ,,... מיט די באַרבאַרישע

סטאַטועס און די שוואַרצע א'ע הייליקע בילדער,,,
קאָר 117 ,III. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנ(גע)רעפּעטירט — אַדי, פּאַר
אײַנרעפּעטירן ←. אַ גוט א'ע פֿאָרשטעלונג. ־
ער־הייט. ־קייט.
איינגעשאָבּן — אַדי, פּאַר 1. אײַנשאָבּן ←,
־
2. אײַנשיבּן ←. 1. א'ענער עפּל. 2. טשאָלנט,
א, אין אויוון.
אײַנגעשאָטן — אַדי, פּאַר אײַנשיטן ←.
מעלצוקער, א, אין טוטלעך. אָבּרעק, א, פֿאַר די
בּהמות. אַן א'ענער = אַ פֿאַרמסרטער ־
ער—
הייט.
איינגעשאָסן — אַדי, פּאַר אײַנשיסן ←.
־
א'ענע קוילן.

איינגעשאַסן — אַדי, פּאַר אײַנשאַפֿן (זיך)

--

. א'ענע גיטער, קענטעניש. א'ענע פֿרײַנד.
אײַנגעשאַצט — אַדי, פּאַר אײַנשאַצן ←.
א'ע סחורות. ,,הוט ער מקומות בב,,ה של אנשים
או נשים, זול מן דיא בּעלי חובֿות איין גישעצט
געבּן, אפֿי, ווען זי ווערין דעם ווײַבּ איין
גישריבּן אין קליינן בּיכל", תּקק. ־ערהייט.
־קייט.

אײַנגעשטאַנען
-

איינגעשאָרן — אַדי, פּאַר אײַנשערן ←. פּפֿ:
-
~געשוירן. א'ענע פֿאה. ־ערהייט,

אײַנגעשאַרסט — אַדי, פּאַר אײַנשאַרפֿן ←.
א'ע בּאַציארנגען. ־קייט.

-

אײנגעשבֿיעט — אַדי, פּאַר אײַנשבֿיען ←.

--

"איך זיץ ווי א, אין מײַנע ד, אמות", י. מאַניק,

בּ.

אײנגעשוואָרן — אַדי, פּאַר אײַנשווערן I ←.

-

א'ענע עדות. "מע טענהט... ניט... מיט אַ
פֿאַרבּיסענעם, א'ענעם טויט־שׂונא", מ ווילנער,
א. גורשטיין, פּראָבלעמעס פֿון קריטיק,
מאָסקווע 1933. ־ערהייט. ־קייט.

אײנגעשוואַרצט — אַדי, פּאַר אײַנשוואַרצן

--

←. א, פֿנים. א'ע שטיוול. ־ערהייט.
־קייט.

אײנגעשוויגן — אַדי, פּאַר אײַנשווײַגן ←.

.

א'ענע אײַנווענדונגען. "דער וואַלד מיט זײַנע
הדיכע ביימער וואָס שטייען מיט א'ענע ליפּן,,,
ווײַס III, 'אַ וואַלדמיידל'. ,,ער [דער ניעמאַן]
האָט זיך איצט אײַנגעטוליעט אונטער אַ דיקער
שיכט פֿון דעם א'ענעם אײַז", ז. שזר, טמז,
1964 י12 I. ־ערהייט. ־קייט.

איינגעשווינדלט — אַדי, פּאַר אײַנשווינדלען

.

←. א'ער פֿאַרמעגן. ־ערהייט.

איינגעשוויצט — אַדי, פּאַר אײַנשוויצן (זיך)

--

←. ,,עס האַלט די ברוסט שטענדיק א, און ממילא אומבאַקוועם,,, דר, י. מעריסאָן, היגיענע.

,,אַ קאַלטער ווינט האָט אים מיט שפּריצן וואַסער א נעם געטאָן דאָס א'ע לײַב,,, ה. דאָבין, צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941. ־ערהייט.

־קייט.

אײַנגעשוועכט — אַדי, פּאַר אײַנשוועכן

(זיך) ←. ,,אַמאָל גייענדיק פֿון איינער

הויכצײַט זייער שטאַרק א',,, אמד.

איינגעשווענקט — אַדי, פּאַר אײַנשווענקען

--

←. א'ע העמדער. ־ערהייט.

איינגעשולדיקט — אַדי, פּאַר אײַנשולדיקן

-.

(זיך) ←. א'ע בעלי־מלאָכות. ־ערהייט.

—קייט.

איינגעשטאָכן — אַדי, פּאַר אײַנשטעכן (זיך)

-.

.. א'ענער שפּליטער. א'ענער פֿינגער. א'

ענער בלאָטער. ״די ביקס..., א, מיטן באַיאָנעט
אין דער וועלט,,, אַהרן ראַפּאָפּאָרט, טמז,
24 1964 X. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעשטאָכן זײַן — אַרכ. פֿאַרזונקען
זײַן. ,,דיא אַלטי נאַרן דיא אין גישטאָכן זײַן
אין איר גילושׂטן״, מהמ, אַמשט 1722, רבב/ב.
איינגעשטאַמיקט — אַדי, פּאַר

אײַנשטאַמיקן .. ״די נייטיקע העברעאיזמען, א, און
אײַנגעפֿעלדזיקט... אין אונדזער ייִדיש לשון״,
יג, איק, 1967 I ו 23.
אײַנגעשטאַנען — אַדי, פּאַר אײַנשטיין (זיך)
--

. א'ער צימעס. די א'ע אורחים געסט.
א'ע אין גוטע הענט. ,,אַ האַרץ וואָס איז
דורכגעזאַפּט מיט שטאַרקן, ווי א'ער ווײַן, צאָרן,,,
אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928.
פֿאַרהאַלט מיך דאָ... די א'ע היימלעכע
,,... - —

אײַנגעשטאַנצט

וואַרעמקייט,,, סאָוו, היימלאַנד, 4 1965, No.

־ערהייט. —קייט — ,,צעטרייסלט די
פֿאַרגליווערטקייט, צעריסן די א',,, ימ, נײַס, קאָװנע
.1922
אײנגעשטאַנצט — אַדי, פֿאַר אײַנשטאַנצן
--

.. ,,אויסאַרבעטונגען אויף וועלכע עס איז
ניט א, דאָס וואָרט 'ישׂראל,, דאָס פּראָדוציר
לאַנד", ל. לענעמאַן פֿאָר, 19 XII 1961.

,
אײנגעשטאָפּט — אַדי, פֿאַר אײַנשטאָפּן ←.
-

בעטגעוואַנט, א, אין זעק. ־ערהייט.
אײנגעשטודירט — אַדי, פֿאַר אײַנשטודירן
-

←. א'ע ראָלע. ,,... אַ קוק געטאָן מיט איר
א'ן נאָנישן שמייכל,,, גרינ,... טאָגבוד. ־
ערהייט. —קייט.
אײנגעשטויבט — אַדי, פֿאַר אײַנשטויבן (זיך)
-

←. א'ע קליידער. אין אַן א'ן ווינקל. ,,ער
וואָגלט אום צווישן די מײַדאַנעק־ריגלען אַן א'ער,
אויוון־אײַן און אויוון־אויס,,, הל, '
מײַדאַנעקאײַן, מײַדאַנעק־אויס'. ־ערהייט. ־קייט.
אײנגעשטויסן — אַדי, פֿאַר אײַנשטויסן ←.

-

א'ענער צימרינג. ־ערהייט.

אײַנגעשטומט — אַדי, פּאַר אײַנשטומען ←.

--

א'ער פּראָטעסט. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעשט□ײַגט — אַדי, פּאַר אײַנשטײַגן ←.

פּפֿ: ~געשטיגן. „די א'יגענע אין וואַגאָן
האָבן שוין אַלע געפֿונען ערטער פֿאַרן
באַגאַזש“. „געפֿונען האָב איך זיך אַליין אין
צימער א'ײַגט, אַליין אין דיקער, טיפֿער
פֿינצטערניש“, יהואָש, 'נאַכט־מחשבֿות'.

□

אײַנגעשטײַסט — אַדי, פּאַר אײַנשטײַפֿן

(זיך) □.. אַן א, העמד. אַן א'ע מוטערקע.
שטיין א, איינער אין צווייטן אין דעם
אָנגעפּראָפּטן וואַגאָן. ־ערהייט. ־קייט.

אײַנגעשטילט — אַדי, פּאַר אײַנשטילן (זיך)

-

←.. א'ע טומלערס. אַן א'ע באַוועגונג. א'ע
געזאַנגען. א'ער פֿראָנט. „מיט דערבאַרעמונג
און ליבשאַפֿט א',... אויסגעלײַטערט אין

מײַן האַרצן שלאָפֿט די זינד,,, הל, אין קײנעמס
לאַנד. ,,זיך געזעגענען מיט אַלץ און בלײַבן...
א'... אַ באַרוטער,,, האַל, װײ און מוט,
מאָסקװע 1929. ,,דער א'ער אומעט... האָט אין
זײַן בליק מיט װײַטקײט זיך אַרײַנגעזױגן,,, פּמ,
מלחמה II. ־ערהײט. ־קײט — ,,אַ
רחמנות נעמט אים אָן... איבער איר א',,, װײַס I ,
'איבערגאַנג,.
אײַנגעשטימט — אַדי, פֿאַר אײַנשטימען ←.
-
א'ער אָפּמאַך. ״װען ער װעט קומען צום א'ן
טראַקטאַט, װעט פֿאַר בײדע צדדים זײַן אָגיל
ואשׂמח״, י. מ. אַלפּעראָװיץ, דיא עלט
מלחמה..., װילנע 1905. ־קײט.
אײנגעשטיקט — אַדי, פֿאַר אײַנשטיקן I ←.
--
א'ער אויפֿשטאַנד. א'ע פֿאַרלאַנגען ־ערהײט.
.
־קײט.
אײַנגעשטעלט — אַדי, פֿאַר אײַנשטעלן (זיך)
-
←. דאָס א'ע געלט. אַן א'ער אין אַ סכּנה.
א'ער סדר, שטײגער, אופֿן. א'ע אָרדענונג.

מילך, א, אויף זויערמילך. א'ע אוגערקעס.
קאַרשן א, אין בראַנפֿן. אַן א, טעפּל מיט

זויער1127

מילך. א'ע סמעטענע — געדיכט געוואָרענע. א'ע
גענדז זיי אויסצופֿאַשען, זיי זאָלן נעמען אויף
זיך פּעטס. א'ע מוזיק. א'ער שלום. א'ע
תּפילות. "די שלש רגלים זײַנען אין גישטעלט קיגן
דיא דרײַא אָבֿות,,, לט1, קנא/א.
*ז ײַ ן א, = 1. זײַן אין אַ סכּנה. ,,ווייס די
וועלט ווי א, זי איז?", צײַט, טמז, 17 1956 II.
2. זײַן באַהאַרצט, חוצפּהדיק. 3. קומען צו
אַ גוטן שטאַנד. ער איז שוין א'. ,,געווען איז
דאָס נאָך מיט לאַנגע יאָרן צוריק. איך בּין
אָבער דעמאָלט שוין געווען גוט א'", י. א.
מרגליות, אַמעריקאַנער, 1962 I l2. אויך אַן א'ער
ס ו ח ר.
־ער ־ ײ ַט. ־קייט — טראַדיציאָנעלע א'ן.
א, אין פּרט פֿון הלכה. ,,דער לעבעדיקער קוואַל
פֿון דעם גערעדטן דיאַלעקט איז... די
דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג: גיט דאָס אים צו אַ
געווי סע שטײַפֿקייט, אַ געוויסע א',,, שנ, ליט,
בּלעטער, 18 1925 IX.

איינגעשטעמפּלט — אַדי, פּאַר
אײַנשטעמ־־
פּלען ←. א'ער צייכן. ,,אויך ייִדן אין
געשטרייפֿטע קאַצעט־בגדים און מיט די
פֿליישא'ע נומערן — אויך זיי דערוואַרטן [די לבֿנה],,,
י)ראָל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג ־
ער
הייט. ־קייט.
איינגעשטעסט — אַדי, פּאַר אײַנשטעפּן ←.
־
א'ע בענדלעך. ־ערהייט.
איינגעשטעקט — אַדי, פּאַר אײַנשטעקן (זיך)
־
.. הענט, א, אין די קעשענעס. אַ מעסער,
א, אין דער ערד. ,,[נאָך אַ געשטאָרבענעם צינדט
מען אָן] אַ נשמה־קנייטל, א, אין אַ גלאָז
בוימל,,, ש. בערלינסקי, אַ לעבן גייט אויף. ‟די
צוויי גראָבע פֿינגער, א, אין גאַרטל‟, ימבר‟ ,
שפּרינצע מירל, בוקאַרעשט 1878. ,,איז...
דערוועקונג פֿון דעם שׂכל א, אין דעם מוח
און האַרץ פֿון דעם מענטשן‟, חה, סודלקאָוו
1820, פּט/א. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעשטריקט — אַדי, פּאַר אײַנשטריקן

--

→. א'ע רויטע פֿעדעם אין גרויען טוך.
־ערהייט.
איינגעשטרענגט — אַדי, פּאַר

אײַנשטרענגען זיך →. א'ע פּרוּווענישן. ־קייט.
דרייזין.
איינגעשטשעמעט — אַדי, פּאַר

אײַנשטשעמען (זיך) →. א'ער פֿינגער. מיט א'ע ציין.
„שטייען א, גאָר איינער אין דעם צווייטנס
האָר“, אַל II, 'דער דור הפּלגה'. „זײַן האַלדז...
פֿעסט א, אין הילצערנע צוואַנגען“, נ.
קאַבאַקאָוו איבז, זומפּ, מינסק 1936. „רחלע איז
געווען א, אינעם שמש“, אַ. קאַרפּינאָוויטש, בײַס
ווילנער דורכהויף. ־ערהייט.
איינגעשיידלט — אַדי, פּאַר אײַנשיידלען →.
--

„שפּרייט זיך אויס, א'ע מגילה פֿון מײַן לעבן„,
מבאָ דער גייער.
איינגעשייערט — אַדי, פּאַר אײַנשײַערן I
--   --

II & →. די א'ע פּאָדלאָגע. א'ע תּבֿואה.
־ערהייט. ־קייט.

איינגעשיכורט — אַדי, פֿאַר איינשיכּורן

.

אײַנגעשלאָפֿן ווערן

(זיך) . אַן א'ער וואָס ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים. אַן א'ער און ניט פֿון ווײַן.
־ערהייט. ־קייט.
איינגעשיקט — אַדי, פֿאַר אײַנשיקן ←.

-
--
א'ע סחורה. "... אַקעגן דער געשריבּענער, פֿון דער פֿרעמד א'ער אינפֿאָרמאַציע פֿון יעדן פּראָווינצער ייִדן,,, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 1.
איינגעשלאָגן — אַדי, פֿאַר אײַנשלאָגן ←.
-.
א'ענע טשוועקעס. אַן א'ענער הונט. א'ענע אייער. אַן א'ענער פֿון אַ דונער. אַן א'ענע קאַפּאָטע = געקירצטע. ,,האָט אָנגעטאָן זײַן עלטערן בּרודערס א'ענע מלבּושים". מסt פֿאַרטײַטשט 'כּמשׂמרות נטועים, (קהלת, יב, 11):

"די דאָ זײַן טיף אין גיפּלאַנצט און, אין גשלאגן" [תּי: ,,ווי נעגל אַרײַנגעשלאָגענע"]. ,,זײַן וואָרצלן זײַן טיף און, בּרייט איין גישלאגן אין דער ערדן", צאינה, ויצא. ,,אַ שיינע טיר פֿון פּײַן האָלץ, מיט גאָלד א',,, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839. ,,א'ענע, אויסגעוואָרצלטע, אַוועקגעטראָגענע... בּיימער,,, אַל II, 'די לעצטע'.

אײַנגעשלאָסן — אַדי, פּאַר אײַנשליסן (זיך)

--

←. זיצן א'. אַן א'ענער אין אַ קאַמער. א'ענע אין געטאָ. א, אין אַן עיגול. א'ענע צירונג. ,,פּרײַז פֿון צושטעלן, א, אין חשבּון". אַן א'ענע צונג. א'ענער מאָטאָר. זכרונות וואָס זײַנען א, אין דער משפּחה. זײַן א, אין די ד, אמות פֿון הלכה. אַ מענטש וואָס איז א, אין זיך. אַן א'ענע אין זײַנע אָרעמס. ,,דר רוח הקודש... האָט גישפּראָכן צו מיר: קום, זײַא איין גשלוסן אין דײַן הויז,,, סהמ, יחזקאל, ג, 23. ,,אין דעם (בּית הכּנסת) אין גישלסן גיוועזן אנשים אין דר מאַנן שול ונשים אין דר ווײַבּר שול,,, 'גזרה ממדינה אושׂטרייך', ספֿר מע□tה ה,, אַמשט 1725. ,,לייען דעם בּריוו פֿון דײַן טאָכטער וואָס דאָ א, איז", מסדר אגרת, תּקפּ,,ה.

„[אײַנשטיין האַלט אַז די וועלט איז] אין ערגעץ ניט באַגרענעצט..., זי איז אָבער ענדלעך
ווײַל אין זיך א'“, זשיט, אַ. אײַנשטיינס טעאַריע פֿון רעלאַטיוויטעט. „האַלט די בייזע
שרעקנסבילדער אין זײַן האַרצן א'“, הר, געדיכטע און לידער. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעשלאָפֿן — אַדי, פּאַר אײַנשלאַפֿן ←.
די א'ענע בת־מלכּה. אַן א, קינד. „איז געזעסן בײַ דער טיר, די פּיס א', ווי זיי וואָלטן נישט
געווען זײַנע“, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער.
„... מיט איר גאַנצער שווערקייט זיך
אויסגעלייגט אויף זײַן א'ענעם מוח„, דטש, ווילנע.
„מיט וואָסערע מיטלען מע זאָל ניט
אויסדעליבען די א'ענע אידילישע רואיקייט„, פּמ, פֿאַרבײַגייענדיק. „די א'ענע בענקשאַפֿט טוט
אַ צוויקל פֿאַרן האַרצן„, ל. אָליצק􏰀,
ישיבֿהלײַט, ת„אָ 1968. *א, = אויך: געשטאָרבן (שעדלעץ). ־ערהייט — הערן אַלץ א'.
—קייט — א, פֿון באַגערן. א, פֿון אָ
באַוועגונג.
אײַנגעשלאָפֿן ווערן — פֿטמ. דזוו איַי􏰀־
שלאָפֿן (אָבער מיטאַמאָל, אַזוי ווי דער שלאָף וואָלט אַרומכאַפֿן). „עס שרײַט... אָזוי לאַנג

איינגעשלומערט
-

בּיז ער ווערט דאָך (אַזוי ווי אַן אַרט סאַרדולונג)
א,,,, מלכּה בּערלאנט, די גליקליכע מוטער,
ווילנע 1836. ״דו בּיסט א, געוואָרן און הײַנט,
געלויבּט און געדאַנקט גאָט, האָסט זיך
אויפֿגעכאַפּט געזונט״, ממוס, קליאַטשע. ,,זיצנדיק
אַזוי איז ער א, געוואָרן״, יד, א□ן נגף. ״אין
מײַן עלנטקייט ווערן אַלע מײַנע פֿעאיקייטן,
מײַן מוט, מײַן גאַנצע לוסט צו אַרבּעט א׳״,
ספּ, סודות ״יחיאל ווערט אויך א׳, אויבּ נישט
אויף דער מאַמעס שויס — איז אָבּער אויף
גאָטס שויס״, אַש, תּהילים־ייִד. ,,... בּיז די
בּרעם ווערט א׳״, הל.
איינגעשלומערט — אדי, פּאַר אײַנשלומערן
-

□. א׳ע בּײַם זאָגן תּהילים. ,,א, איז דער
משכּן״, יהואָש, 'עלי און שמואל'.
איינגעשל□ומפּערט — אַדי, פּאַר
אײַנשלומ□.
פּערן ←. א׳ע בּגדים. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעשלונגען — אַדי, פּאַר אײַנשלינגען

-

←. דאָס א'ע עסן. דער א'ער בראַנפֿן. א'ע רייד. "אַרײַנגעטאָן אין דער עבֿודה, זיי מאָלן, רייַבן פֿאַרדײַען געטרײַ דאָס א'ע גראָז",

,

ממוס, ,בישיבֿה של מטה, ־ערהייט.

.

־קייט.

איינגעשלייערט — אַדי, פּאַר אײַנשלייערן

-

←. די א'ע כלה. א'ע סחורה. אַ פֿאַרברעכן, א, אין אַ געזעץ. אַן א'ער אין רויך. ,,די גאַנצע וועלט, אין סודות א'", סעג, סטרוועס. ,,די מיטה טראָגט מען, אין שוואַרצן א',,, א א, יעקבֿס געצעלטן ־ערהייט ־קייט.

.. . . .

איינגעשליפֿן

— אַדי, פּאָר אײַנשלײַפֿן ..

--

א'ענע מכשירים. אַן א'ענער בריליאַנט. ־ ערהייט. ־קייט.

איינגעשלעכט יק ־לעך

— אַדי. וואָס איז ,

נאָר פֿון (געהערט נאָר צו) איין געשלעכט.
א'יקע געוויקסן. „א'לעכע בעלי־חיים„, ש. בלוס,
דער בוים פֿון לעבן, נ״י 1931.
איינגעשלעפֿערט — אַדי, פֿאַר אײַנשלעפֿערן
-

. א'ע קינדער. א'ער עולם. א'ער יצר־
הרע. „דער גרעסטער יחוס, דורך אַרמוט גאַנץ
א'״, אמד, דער פלעט אויף שבת, ווילנע 1872.
איינגעשמאַלציקט — אַדי, פֿאַר
אײַנשמאַל--

ציקן .. ״מיט גלאַנציקע ליפּן און א'ע
הענט פֿאָרעט זיך...„, ש. האָראָנטשיק, גאַטס
משפּט„.
איינגעשמאָלצן — אַדי, פֿאַר אײַנשמעלצן
-

.. בלײַ, א, אין אַ פֿורעם. א'ענע ליכט.
א'ענע קאַפּאָטע. ־ערהייט.
איינגעשמאָרעט — אַדי, פֿאָר אײַנשמאָרען
-

←. א'ע קינדערלעך. „די א'ע זעצער האָכן...
געקלאַפּט... איבער די קליינינקע שטיינדלעך
פֿון די קלאַווישן„, זב, שוצ, קיִעוו 1931.
—ערהייט. ־קייט.

איַנגעשמועסט — אַדי, פּאַר איַנשמועסן
--
(זיך) ←. ס'איז אַן א'ע זאַך. אַן א'ע
גליַכגילטיקייט, רואיקייט אע. "א'ע און
איַנגעגלייבּטע דאָקטרינעס,,, זשיט. ־ערהייט.
־קייט — ,,די נאַרישע א, אַז מע קען...,,,
זשיט II, נ"י 1912.

1123

איינגעשמוצט — אדי, פּאַר איַנשמוצן ←.
--
א'ע קליידער. א'ער נאָמען. ,,ווער קען
דערוואַשן אַזאַ א, העמד?". "ווען די וואונד איז
א, מיט זאַמד, ערד אאזוו, מוז מען קודם גאַנץ
ריין אויסוואַשן מיט אַ דעזינפֿעצירנדן מיסל,,,
היגיענישער אינ ֿ אָרמאַטאָר, וואַרשע 1914.
־קייט.
איַנגעשמידט — אַדי, פּאָר איַנשמידן ←.
--
א'ע אין קייטן. א, אין איַז. "די יוגנט־פֿרייד
וואָס איז אַ ווינטער־לאַנג אין קייטן זילבּערנע
געלעגן א,", הר, אונטער גאָטס הימלען ,,גאָר
די וועלט אין קעלט איז א'", האַל, ערדישע

ווענן. ־ערהייט — ,,דאַכט מיר, אייביק
וועל איך זיצן א'", הל, 'דאַכט מיר'. ־קייט.
איינגעשמיסן — אדי, פאָר איינשמײסן ←.
־

ביז בלוט א'ענער קערפּער. "ער וויינט אַן
א'ענער, אַ באַליידיקטער". ־ערהייט.
איינגעשמירט — אדי, פאַר איינשמירן ←.
־

א'ע הענט. אַן א'ע וואַנט. ,,הוילע לעכער איז
מײַן קאַפּאָטע און א, אין גאָלע בלאָטע", ל.
אַן א'ער נאָמען. א'ע נשמה ־ערהייט.
.

־קייט.
איינגעשמעלערט — אדי, פאַר
איינשמע־־
לערן ←. אַן א, קליידל. די מרחקים א'ע
אַדאַנק דעם עראַפּלאַן. ־קייט.
איינגעשנור(עווע)ט — אַדי, פאַר

איינשנור(עווע)ן ←.. די א'עוועטע טאַליע. ,,ביים
גימנאַסטיקירן דאַרף מען ניט זײַן א'עוועט",
דר, מ ג טליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע
היגעניע, וואַרשע 1908. ,,דאָס געבאָט פון דער

צײַט איז אַ נאָרמירטע כּלל־שפּראַך, ניט קײן
א'עװעטע אין אַ שנירלײַבל פֿון פֿישבײנערנע
חוקים“, מוו, ייִפֿאַ, 1938, 10. ־ערהײט.
־קײט.
אײַנגעשניטן — אדי, פּאָר אײַנשנײַדן (זיו)

.

←. א'ענער לאַבן בּרויט. „האָט מיטן
מײַלכעלע אויסגעזויגן בּלוט פֿונעם א'ענעם
פֿינגער“, מעע)ה פֿון א גנ, לעמבּערג 1913.
„בּטחון... איז ניט חזקה פֿון הײסע
מאמינים, נאָר אַ שטיק ייִדישע נשמה, טיף א, אין
דעם פֿאָלק“, נש, דאָס נײַע לעבּען, נ"י מײַ
1911. "ס'פֿעלד, א, מיט קאַנאַלן, פֿול מיט
װאַסער“, ע. איזראַ, צײַג קיִעוו 1928. "דעם האַלדז
דעם א'ענעם — אַ דריי“, פּמ, מלחמה I. ־ער—
הײט. ־קײט.
אײנגעשנײט — אַדי, פּאַר 'אײַנשנײען'.

בּאַ

-

דעקט מיט שניי. „מיר גײען דורך די
פֿינצטערע א'ע געסלעך“, חג, דער מאַמעס שבּתים.

איינגעשניצט — אַדי, פּאַר אײַנשניצן ←.
--
א'ער בלײַער. א'ער נאָמען אין קאָרע פֿון בוים.
־ערהייט. ־קייט.
איינגעשנירעוועט — ← אײַנגעשנורעוועט.
-
„דאָס מײַלכל איז בײַ אים צונויפֿגעצויגן, א',
די ליפּן רויט און פֿעט“, שע, יוסילע סאָלאָוויי.
איינגעשענקט — אַדי, פּאַר אײַנשענקען ←.
--
א'ע ווײַנען.
איינגעשפּאָלטן
— אַדי, פּאַר אײַנשפּאַלטן
--

איינגעשפּילט
.־

.. א'ענע ברעטער. „די שטיינער שטעלן
ז אַרײַן אין אַן א'ענעם האָלץ און בינדן אים
יי.

אַרום מיט אָדערן“, אידאַ לונסקי,

דערציילונגען וועגן ווילדע מענטשן, ווילנע 22 1. -
ערהייט. ־קייט.
איינגעשפּאַנט — אַדי, פּאַר איינשפּאַנען
-

(זיך) ... א, ווי אַן אייזל, פֿערד, קליאַטשע.
אַן א'ער אין יאָך, אין עול, אין דער אַרבעט,
אין דער עבֿודת־הבורא. „האַלטן דעם קאָפּ
פֿאַרריסן, ווי אַן אַלט קייזעריש פֿערד, א, אין
אַ מיסט־וועגעלע", רייד (מג). „איך בין גלייך
אַזו וואול איין גשפּאַנט אינשׂ יאָך צו טון
מצות", בראַנט, פֿרק כח. "עז איז אָסור צו
רייטן אויף איינר (בהמה)... ווען איין בהמה
איין גישפּאַנט איז„, לט1, פּ/א. „געלאָפֿן אין
יאוש א', ווי אין אַ שווערן עול", האָפּ, 'מיין
הונט'. "צוויי בעטן, א'ע אין שווערער לאַסט
פֿון יאָרן, קלערן", מאָל, אין לאַנד פֿון מיין
געביין ־ערהייט. —קייט.
איינגעשפּאַרט — אַדי, פּאַר איינשפּאַרן (זיך)
--

←. אַן א'ער הינטער שלאָס און ריגל. אַן
א'ער אין דער יאַרמע, אין יאָך אע. א, ווי דער
טייוול, ווי דער יצר־הרע, ווי אַ בן־יחיד, ווי אַן
אייזל, אָקס, ווי אַן אָקון, ווי אַ גוי (צום פֿגרן).

אַן א'ער, האַרט ווי אַ שטיין. אַן א'ער פֿלעק
וואָס מע קען ניט אַרויסוואַשן. אַ בינטל א'ע
האָר וואָס לאָזט זיך ניט אײַנלייגן. "מע דאַרף
לאַנג וואַרטן ביז מע קען איבערשפּאַרן אַן
א'ן", שוו. "מע דאַרף אויך ניט באַשטראָפֿן
אַ קינד מיט גרויס כּעס, דען דאַדורך ווערט
עס א',,, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער,
ווילנע 1836. ,,זעט זי אַז זי בלײַבט א, אין
ברונען", הנ"ץ, איבז, שולמית..., לובלין,
1875. "דער א'ער ייִד... האָט נאָך געהאַט די
העזה ווײַטער צו דאַוונען", יהל די
קאָלאָניסטן I, וואַרשע תר,,ץ. "זעמדעלעך שטרײַטן מיט
אַן א'ן ווילן", הל־ לידער פֿון אומקו ס־ 1922.
־ערהייט. ־קייט — תי פֿאַרטײַטשט
'בשררות לבי אלך, (דבֿרים, כט, 18): ,,ווען איך
וועל גיין אין דער א, פֿון מײַן האַרצן".
אײַנגעשפּאָרט — אַדי, פּאַר אײַנשפּאָרן ←.
-
דאָס א'ע געלט. א'ער גאַנג. ,,דאָס א'ע אויפֿן
מאָגן גיט מען אַוועק דעם דאָקטער". ־
ערהייט. ־קייט.
איינגעשסונען — אדי, פּאַר אײַנשפּינען ←.
.
פּפֿ: ~געשפּינט. א'ער אין חלומות. די

פֿאָלקסווערטלעך, א, אין דער דערציילונג.
־קייט.
איינגעשסיזט — אדי, פאָר אײַנשפּיזן ←.
.
אַן א'ער בליק. „מײַנע אויגן זײַנען א, אין
דער זאַטקייט און ציכטיקייט אַרום“, מ.
דלוזשנאָווטקי פֿאָר, 1964 III י 14.

איינגעשפּייכלערט — אדי, פּאַר
אײַנשפּײַכ ־ ־
לערן ←. דער א'ער ווערטער־אוצר אין
אונדזער ווב. ”די ענערגיע איז א, אין די אַטאָמען„,
זשיט, א. אײַנשטיינס טעאָריע פֿון

רעלאַטיוויטעט.
איינגעשסילט — אַדי, פּאַר אײַנשפּילן ←.
-
אַן א'ער קאָנצערט. די א'ע פֿוטבאָל־קאָמאַנדע.

איינגעשפּיל(י)עט
--

„געוואָרן פּויפּסט פֿון אַן א'ן קאַטאָליציזם“,

יג, טמז, 9 1965 I. —ערהייט. ־קייט.
איינגעשפיל(י)עט — אַדי, פּאַר
אײַנשפּי־.
ל(י)ען (זיך) ←. ״ער איז אַן א'ער, ער זאָגט ניט אויס וואָס עס טוט זיך בײַ אים אין האַרצן״. ״... זיך געוויגט צוזאַמען מיט איר היכער ברוסט, א, אין סאַמעטענעם לײַבל״, מ.
רי קין, דער ווערליזשער בלוט בלבול, ווילנע 1914. ־ערהייט. ־קייט.
אײַנגעשפּינוועבט — אדי, פּאָר '
אײַנשפּינוועבן'. נעאָל. ,,אָ ווערטער א'ע, צעפּרעסענע,,, זישע לאַנדוי.
איינגעשפינט — אדי, פּאָר אײַנשפּינען ←.
-
פּפֿ: ~געשפּונען. ,,עס לײַכטן די לאַמטערן, עפּעס זיך פֿאַרגרינט, אין שײַן פֿון העלן נעפּל א'״, ל. מלאך, אָפּפֿאַל.
איינגעשפרונגען — אַדי, פּאָר אײַנשפּרינגען
-
←. אַן א, קליידל נאָכן וואַשן.
איינגעשפריצט — אַדי, פּאַר אײַנשפּריצן
--
←. א'ע טראָפּנס אין די אויגן. א'ע קליידער.

„גאָלד איז א, אין צעדער־קרוינען„, מאיר
שטיקער, טמז, 26 1967 II. ־ערהייט. ־קייט.
איינגעשפּרענקלט — אַדי, פּאַר

אײַנשפּרענ־

קלען ←. א'ע האָר. אַ גרויע וואַנט, א, מיט
בּלויע בּלימעלעך. „צעוואָרפֿענע נאָטיצן, א, אין
אַנדערע אַרטיקלען“, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 7.
איינגעשראָקן — אדי, פּאַר אײַנשרעקן ←.
-

א'ענע קינדער. אַן א, פּנים. „א, זײַנען מיר
שוין געווען, האָבּן מיר שוין ניט געקענט
איבּערטראַכטן“, אמד, דער סיום התּורה, ווילנע
1868. „ער איז שטאַרק בּאַזאָרגט און א'... ווי
מע זאָגט, ווי אַ הונט אין די נײַן טעג“, י.
בּידזאָהן, אגיטרא ע וויַיבּיל חלעבּין, ווילנע 1892.
—ערהייט. ־קייט.

--

איינגעשרויסט — אַדי, פּאַר אײַנשרויפֿן ←.
-

אַן א'ער טייל פֿון דער מאַשין. „זוכט מען
דורך דעם שטאַרקן דרוק פֿון דער א'ער
מאַשין...“, דר, אבּ קאספּע, פֿיזיק, נ"י 1916.

“א, אין זיך אַליין ווי אין אַ קייט“, הל, 'בײַם
ראַנד, ־ערהייט ־קייט.
. .
איינגעשרומפּט — אַדי, פּאַר אײַנשרומפּן
--
(זיך) ←. „אַן... אַלטער מאַן... מיט אַן
א'ן פּנים, ווי דער ים“, פּרץ 'נסים אויפן ים'.
„זײַנע אויסגעדאַרטע פינגער... דריקט צום
א'ן האַרצן“, יהואָש, 'עלי און שמואל'. „עס
זײַנען אָבער פֿאַראַן וואָלענע זאַכן וואָס זײַנען
געמאַבט פון א'ן וואָל“, דר, י. מעריסאָן,
היגיענע. ־קייט.
אײַנגעשרומפּן — אַדי, פּאַר אײַנשרומפּן

-
(זיך) . ב פּאַרטײַטשט 'צרבת, (ויקרא, יג,
23): “איין גשרומפּן„. מלל פּאַרטײַטשט 'וקלוט,
(ויקרא, כב, 23): „אין גשרומפין“. שווב
פּאַרטײַטשט אויך 'נחמר, — „איין גשרומפּן“. „ד
בריסט, די וואָס זײַנען א', זאָלן מילך געבן“,
צור, וירא. „דאָס פּנים אַ וויסטע חורבה, א'ענע
באַקן, אײַנגעפֿאַלענע אויגן„, ממוס, אין אַ

שטורם־צײַט. „לײבל שטאַרבט... דאָס פּנים
איז א,“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „אין דער

1129

ענגער... קראָם... איז פֿאַראַנען אַן אַלטע,
א'ענע ייִדענע“, ש. האָראָנטשיק, ,גאָטס משפּט'.
„איך שטיי א, אַנטקעגן דער פֿאַרבלענדעניש
פֿון אומבאַנעם„, מבֿאָ, דער גייער. „,... מיט
אַ קורצן זכּרון און מיט אַן א'ענעם האָריזאָנט“,
גרינ, איד און װעלט.
א, ו ו ע ר ן — „זיא װאַרן אײַן גשרומפּן...
און, פֿאַר שניטן פֿון דעם עולם„, מדIזור שלש
רגלים, אַמשט 1713, קכה/א. „די געדערים
זײַנען אים װאַרן א, און איז אַזוי געשטאָרבן“,
צור, נח. „מיר װערן א', אײַנגעצויגן,
אָפּגעשטויסן“, פּרץ. „די פּנימער װערן װאָס אַמאָל
פֿינצטערער, בלאָער און א'ענער„, װ . ס, '
מזלטובֿ'. “צײַט, פֿונקט װי אָרט, װערט כּסדר א,
און רעדוצירט“, צײַט, טמז, 1967   I 17.
־ערהייט. ־קייט — א, פֿון אַ קערפּער
אין קעלט. „א, פֿון עסנװאַרג און װאוינונגען„,
יובֿל XXI.
איינגעשריבן — אַדי, פּאָר אײַנשרײַבן (זיך)

--

.. א'ענע אין אַ בוך. א'ענע טראַנסאַקציעס.
אַ נײַער א'ענער חבֿר. א'ענע פּונקטן פֿון
אָפּמאַך. אַ פֿילעק, א, אין אַ קרײַז. „עשׂ איז אײַן
גישריבֿן אין בוך דשׂ מלך...„„ צאינה, קעז/ד.
„סײַ מע געפֿינט אַזוי אַ שטר־חובֿ וואָס עס
שטייט א אַחריות נכסים“, שהמ, יב/ג ־ער—
, .
הייט.

איינגעשריסטס — דאָס, ־ן. דאָס וואָס איז

-
--

אײַנגעשריבֿן, אײַנגעקריצט. „אין די ווענט פֿון
טעמפּל האָט ער געפֿונען קורצע א'ן„, מוו, די
שוואַרצע פּינטעלעך.
איינגעשרענקט — אַדי, פֿאַר אײַנשרענקען
--

←. א'ע וואָלענע קליידער. א'ער רצון. א'ע

פֿרײַהייטן ־קייט.
.

-
איינגעתסיסהט — אדי, פּאַר אײַנתפֿיסהן
.
←. א, הינטער גראַטעס. א, אין צער. ־קייט.
איינגראָבּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אײַנגראָבּן. מאַכן אַ טיפֿן א'. אַן א אַרום
,
דער פֿעסטונג ־ונג — אויפֿהייבּן די קעפּ
.
פֿון דער א,.
איינגראַבּל(י)עוו — טרוו ־ל(י)עווע אײַן,
ען .
--
,געגראַכּל(י)עוועט. אײַנשאַרן, צוויפֿשאַרן,
צוויפֿנעמען מיט אַ גראַבּליע. א, דאָס
אָפּגעשניטענע ווילדגראָז און די שטיינדעלעך אין
איין בּערגל.
איינגראַבּלען

— טרוו ־בל איַין, ~
געגראַ—   .
בלט. 1. דזוו דפּוו. 2. איַינקראַצן, איַינדראַפּען.
איבערלאָזן סימנים ביַים גראַבלען עפּעס אָדער
עמעצן. די קאַץ האָט מיט אירע נעגל
איַינגעגראַבלט דעם קינדס פּנימל. א, די הענט ביַים
שלעפּן שטיקער איַיזן. א, דעם לאַבּן ברויט.
אויך מיט ז י ך — „מיט איין שפּרונג איז ער
געווען אויפֿן בעט, זיך איַינגעגראַבלט אין דער
דעקע און זי אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ“, ה.
בערגנער, זב, שטריקער פֿאַבריקאַנטן פֿאַראיין,
ב“א 1961. *א, זיך אין לעבן = האָבן אַ
שטאַרקן באַגער צו לעבן; אָנגעשטרענגטערהייט
(ווערלן) ביַיקומען סכּנות. ־עניש.
איינגראָבן — טרוו. גראָב איַין, ~געגראָבן.
--

איינגראָבן
--

1 פֿאַרגראָבן. גראָבן און (פֿאַר)באַהאַלטן. א,

אַן אוצר. א אַ טאָפּ מיט גאָלדענע רענדלעך
,

אין דער ערד. א, דעם קאָפּ אין זאַמד ווי אַ
שטרויספֿויגל. „רינגעלבלום האָט געהייסן א,
די מילכקאַנען מיט די דאָקומענטן וועגן
וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד טיף אין דער ערד“.
„... נעמט איין טאָפּף של חרשים און, האָט
אין אײַן גיגראבן אלף ת״ק אַמה“, נצ 1, במדבר
כא, 2. „די פֿוילישע שענקאַרעס האָבן בקבלה
איש מפּי איש, ווען מע גראָבט אײַן אין אַ
שענק אַ פֿערדישע פֿאָדקעווע אונטער דער
שוועל — יאַוועץ זיך שיכּורים פֿון אַלע זײַטן„,
מ. דלוגאַטש די וועלט מסורה, וואַרשע 1881.
פֿיג. א, דעם סוד אין האַרצן.

2. באַגראָבן, מקבר זײַן. א אַלע הרוגים
,
פֿון פּאָגראָם אין איין ברודער־קבֿר. 3. אַ ביסל
גראָבן, אויפֿגראָבן. אַרומגראָבן. א, די ערד
אַרום די יונגע ביימלעך. א, שמאָלע קאַנאַוועס,
רינוועס, גראָבנס אַרום די בייטן, דאָס וואַסער
זאָל זיך בעסער אײַנזאַפּן.

4. אײַנפֿלאַנצן. א, די קאַרטאָפֿל, מערן אע.
א, יונגע ביימעלעך אין גאָרטן. פֿיג א, גוטע
מידות אין די קינדער. א, שרעק פֿאַר דער
מאַכט.

5. אַרונטערלאָזן. מאַכן עס זאָל אײַנזינקען. אַרײַנשטעקן. „גראָב איך אײַן אין האַרטן שטרוי מײַן פּנים גאָרנישט מער צו זען“, מלה, אין ניו־יאָרק. „דערנאָך האָט ער... אײַנגעגראָבן די נאָז אין דער טאַבאַקע אַרײַן, האַט געגנאָסן עטלעכע מאָל„, קמ, 42 1868' No. “לויף איך... אין 'שרײַבערס, שטיבל [= קאַנטאָר] אַרײַן, וואַרף מיך אויף זײַן בעט און גראָב אײַן דאָס פּלאַמענדיקע פּנים אין קישן און ציטער“, פּרץ, זכרונות. א, די אויגן (דעם קאָפּ) פּאַר בושה (חרפּה).

6. צוטוליען, אַרײַנטוליען. אײַננורען. „די קליינע קעצעלעך האָבן אײַנגעגראָבן די קעפּעלעך אין דער מאַמע־קאַצס בויך“. „זי האָט אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער חבֿרטעס אַקסל“, דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I, נ"י 1924. „מיט אַ מידקייט אין קערפּער האָט [ער] זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל, אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין זײַנע גרויסע הענט“, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פּערד־גנ. *א, דעם קאָפּ אין קישן און זיך מאַכן ניט זען (וויסן) = ניט רעאַגירן, ניט פּראָטעסטירן.

7. אײַנקריצן, אײַנקאַרבן. א, די געשעעניש אין זכרון אויף אייביק. “און, זיא האבן דיא

רידן אײַן גיגראבֿן (מיט איינר פֿעדר) (י“א
מיט איינם גריפֿל) איין אײַזרין אויף איין
קופּפֿרין טאפֿיל אין ירושלים“, יוסיפֿון, אַמשט
1661 פֿיג. „איך גלייב אַז דו האָסט געשריבֿן
.
אויף שטיינער אַ געזעץ מענטשן זאָלן זיך ליבֿ
האָבֿן; איך פֿיל אָבֿער, דאָס האָט ניט געפֿאָלגט
קיינער, העטסטו אונדז דאָס נישט אין האַרץ
אײַנגעגראָבֿן“, עט, לידער, ווילנע 1925.
8. דורכנעמען מיטן בליק. נאָכפֿאַרשן. א,
אין עמעצן אַ פּאָר א ו י ג ן אַז יענעם זאָל
ווערן אומהיימלעך, קאַלט. א, די קוקערס אין
דער מויד. „דאַרפֿסטו א, ביידע אויגן אין דער

אײַנגראָבֿן זיך

פֿאַטשיילע און... איבערקוקן די ווייץ“, מ.
דלוגאטש, וועלמ מטורה, וואַרשע 1881.
9 פֿאַרלירן פֿאַרתכלעווען פֿאַרשווענדן. איר.
. . .

א אַ פֿאַרמעגן אויף דער בּערזע. א, דעם נדן

,

אויף פֿערד־געיעגן.

1O. אונטערגראָבן, אַרונטעררײַסן. נר. א, די אויטאָריטעט פֿון פֿאָרזיצער פֿון פֿאַראיין.

איינגראָבן זיך — → דפֿוו. 1.

אַרונטער.

קריכן, אַרונטעררוקן זיך אונטער דער אייבערפֿלאך פֿון דער ערד פֿאַרבּאַהאַלטן זיך

פֿאַר— . ,

שטעקן זיך אין דער ערד. א, זיך אין אַ בּונקער קיינער זאָל ניט קענען געפֿינען. א, זיך אין אַ לעבּעדיקן קבֿר. „די אויסהרגער קומען אַרײַן אין דער שטאָט, און ווער נאָר עס קען, גראָבּט זיך אײַן ווי אַ קראָט“, אַל, 'דער וויכּוח,.

2. דזוו אונטערגראָבן זיך, בּ2. זיך א, אין די אָקאָפּעס און וואַרטן אויפֿן אָנגריף. זיך א, אין די טראַנשייען אַרום דער שטאָט און זי פֿאַרטיידיקן קעגן שׂונא. 3. דזוו אײַנגראָבן, בּבּ 5־6. א, זיך אין דער וואַרעמער בּעט, אין קישן. א, זיך אין מאַנטל.

4. זיך אײַנעסן אין עמעצן אָדער אין עפּעס. דורכנעמען, דורכפֿאָרשן עמעצן אָדער עפּעס.

זיך אַ, מיט די נעגל אין עמעצנס כּנים (
חזירישן פּרצוף). „איר קראַנקייט האָט זיך...

▯ ▯

טיפֿער און טיפֿער אײַנגעגראָבֿן אין איר יונגן
קערפֿער“, יהל, די אונבֿעקאַנטע פּע▯־ליעבֿטגנ,
וואַרשע 1901. „ווען זי האָט דערקענט איר
טעות, האָט זיך אין איר צורה אײַנגעגראָבֿן
אַ טיפֿער, צניעותדיקער צער“, ד. י. זילבֿערבֿוש,
שטרעכאַלעך..., ווין 1916. „וואָס פֿאַר אַ
ווייטאָג ס'גראָבֿט זיך אײַן מיט יעדן וואָס מיר
פֿאַרלירן“, מענדעל זינגער פֿון מײַן היימלאַנד,
-
,
ווין 1919. „נאָך קיין צײַט ניט געהאַט
אײַנצוגראָבֿן זיך אין דעם אונטערשלאַק פֿון רעזשים“,
בֿ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער. „עפּעס אַ
טונקעלע מחשבֿה האָט זיך אים אײַנגעגראָבֿן
אין פּנים„, ה. ל. זשיטניצקי, 'משהלע'▯ זיך אַ,
מיט די א ו י ג ן. „אײַנגעהויקערטערהייט
טוט דאָס ייִנגל אַ ציטער, גראָבֿט זיך אײַן מיט
די אויגן טיפֿער אין סידור„, בֿערג, בײַם
דניע▯ער II.
5. זיך אָפּגעבֿן מיט פֿלײַס, מיט אייפֿער

צו עפּעס (עמעצן). זיך א, אין דעם פֿאַק
דאָקומענטן. זיך א, מיט לײַב און לעבן אין די ספֿרים.
־עכ ן. ־עניש — „מאָמענטן וואָס האָבן
זיך אײַנגעגראָבן אין מײַן נשמה מיט אַ
שאַרפֿער א'", הל ־עריי.
. ־.
איינגראָד(י)ען — ← איבערגראָד(י)ען, 911.
־
איינגראַדירן — טרוו. ־דיר אײַן, ~(גע)
גראַ ־
דירט. אײַנשטעלן גראַדן. אײַנשטעלן אַ סקאַלע.
א, די פֿאָדערונגען אויף דרײַ מדרגות ־ונג.
.
אײַנגראַווירן — טרוו ־וויר אײַן, ~(גע)
גראַ— .
ווירט. אײַנקריצן, אײַנשנײַדן, אײַנראַצן מיט אַ
שאַרפֿן מכשיר אין (אויף) מעטאַל אע. א אַ
,
ווינטשעוואַניע אין אַ מעדאַליאָן. א, די דאַטע
פֿון דער חתונה אויפֿן (אין) רינג. "אויב איר
ווילט... א, אין אַ גלעזערנע כּלי אײַער
נאָמען, באַדעקט איר... די כּלי מיט וואַקס, דאַן

שנײַדט איר אין דעם וואַקס אויס אײַער
נאָמען...", ס פּײַנסטאָון, כעמיע, נ י 1920.
"דער שרעק איז מיר אײַנגעגראַווירט געוואָרן
ביז הײַנט", דער מענשענפּרײַנד, נ„י 1890, No
23 ־ונג אַ שיינע (טיפּע) א,. י.,
גראַ. —
ווירט — אַדי. "דער פּרעזידענט האָט אים אַ
זייגערל געשאָנקען מיט א'ן נאָמען און אינגאַנצן
גאָלד", מלה, ,מײַן בלינדער שכן, —ערהייט.
.
־קייט.
אײַנגראַזען — טרוו. ־זע אײַן, ~געגראַזעט.
סל. אײַנברודיקן. א, די הויזן.
אײַנגראַטעווען — טרוו. ־טעווע אײַן, ...,,
געגראַטעוועט. פּפּ: ~קראַטעודען. אויך:
,גראַטע(נע)ן. 1. אײַנשמידן,
אַרײַנשטעלן, אײַנבויען גראַטעס. א, די פֿענצטער
פֿון (אין) תּפֿיסה, באַנק. 2. אײַנזעצן הינטער
גראַטעס פֿאַרשפֿאַרן אין תּפֿיסה. א, די
פֿאַר—
ברעכערס.

איינגראַטשען — דזוו אויסגראַטשען, בּ1,
-
.208
איינגראַמען — טרוו. גראַם איַן, ׳׳.,געגראַמט.
--
אויסדריקן אין גראַמען. א, די
בּאַגריסונגרעדע. א, אַ ליבּע־דערקלערונג. ,,אַז מע גראַמט
איַן פּראָזע, ווערט נאָך פֿון דעם ניט קיין
פֿאעזיע“ פֿרגל אויסגראַמען, 208.

איינגראַנקעווען — דזוו אויסגראַנקעווען ,
-
.208
איַנגרוז(י)ען — ־ז(י)ע איַן, ~געגרוז(י)עט.
פּפֿ. ~גרוזענען. טרוו — 1. איַנלאָדן.
אָנלאָדן. אַריַנשטופֿן און איַנפּאַקן. אָנפּאַקן. א,
די תּבֿואה אין וואַגאָן. א, די סאָלדטן אויף
דער שיף. 2. דזוו איַנגרוזנען, ← דוווו.
אוטוו — איַנזינקען, בּלייַבּן שטעקן אין גרונט.
א, אין בּלאָטע. אויך מיט ז י ך. ־ז(י)עניש.
איינגרוזנען — טרוו ־נע איַן, ~געגרוזנעט.
—
1. איַנבּינדן, פֿאַרבּינדן. א, שטיַף דעם פּאַק

בעטגעוואַנט. א, די וואַליזע מיט דיקע שטריק. 2. דזוו אײַנגריזנען ←.

אײַנגרויען — טרוו. גרוי אײַן, ~ געגרויט. 1. אײַנמאָלן, אײַנפֿאַרבן מיט גרויער פֿאַרב. א, די ווענט. א, דעם הינטערגרונט. 2. נעאָל. ווירקן עס זאָל ווערן גרוי, אָן בולטע קאָלירן, אומאינטערעסאַנט. שילדערן, באַשרײַבן אין גרויע, אויך מרה־שחורהדיקע טענער. א, דאָס לעבן. א, אַלע געשטאַלטן פֿון ראָמאַן. מיט

ז י ך — ב ~.

אײַנגרונטעווען — טרוו. ־טעווע אײַן, ~ געגרונטעוועט. 1. אײַנוואָרצלען. א, די אימיגראַנטן אויף ערד. א, די פּויערים פֿון דאָרף אין דער אינדוסטריע. 2. אײַנפֿעסטיקן. א, אַ סלופּ. א, דעם אַנקער פֿון שיף. מיט ז י ך — א, זיך אין דעם נײַעם לאַנד.

איינגרופּירן — טרוו ־פּיר אײַן, ~(גע) גרופּ־ ־פּירט. 1. אײַנטיילן אין גרופּעס. אײַנסדרן. א, אין באַזונדערע איינהייטן. א, די ספּאָרטלערס. א, פֿאַרשיידענע מינים פֿייגל. 2. אײַנשליסן, אַרײַננעמען עמעצן אָדער עפּעס אין אַ גרופּע. א, די ייִנגערע קינדער אין די פֿאַלאַטקעס פֿון

אײַנגרילן

די עלטערע. מיט ז י ך. ־דנג. ~גרדפּירט
— אַדי. א'ע קינדער. ־ערהייט. —קייט.
איינגריבּלען — טרוו. ־בּל אײַן, ~געגריבּלט.
-
מאַכן קליינע, ניט קיין טיפֿע גריבּלעך אין דער
ערד, צעמענט, טייג אע. א, די אויפֿגעאַקערטע
בּייטן און אַרײַנלייגן אין די גריבּעלעך
אוגערקעקערנדלעך. א, די אויסגעוועלגערטע שטיקער
טייג און אַרײַנשטעקן מאַנדלען. א, די בּאַקן
בּײַם שמייכלען. מיט ז י ך — אויך: 1.
אײַננורען זיך. זיך אײַנראָיען. די הינער גריבּלען
זיך אײַן אין דער ערד און קוואָקטשען.
2. מיט התמדה נאָכפֿאָרשן. א, זיך אין אַן ענין
און וועלן דערגיין דעם אמת. א, זיך אין
עמעצנס פּריוואַטע עסקים. „א, זיך אין דעם
פֿאַרפּלאָנטערטן שפּינוועבּס פֿון דער אייגענער
נשמה", זשיט. ־עניש.
איינגריז(י)ען, ~גריזשען — טרוו. ־ז(י)ע,
-
־זשע אײַן; ~געגריז(י)עט, ~געגריזשעט.
1. אַ בּיסל גריזשען, אײַנבּײַסן, אויסעסן מיט
(שאַרפֿע) ציין. א, אַן עפּל און אַוועקוואַרפֿן.

מײַז גריזשען אײַן אַלץ וואָס זיי טרעפֿן אָן.
2. אַדען. נגען. מיט כּסדרדיקע רייד, מיט
י
פֿאַרמאַטערנדיקע מיטלען ווערלן איבערצײַגן. א,
דעם באַלעבאָס, ער זאָל געבן אַ הוספֿה. א,
דעם שווער ער זאָל איבערשרײַבן אויפֿן
איידעמס נאָמען די געשעפֿטן. א, עמעצן אַ לאָך
אין האַרצן.   מיט ז י ך — א, זיך עמעצן אין
די ביינער און דערגיין די יאָרן.   ־עניש.
אײַנגריזנען — טרוו. ־זנע אײַן, ~געגריזנעט.
1. אײַנבּרודיקן. אײַנשמירן, אײַנחזירן. א, די
קאַפּאָטע, די הויזן. א, אַלע גלעזער. 2. אויך
אוטוו. (מאַכן עס זאָל) אײַנזינקען.
אַרײַנטאָפּטשען (אין עפּעס וואָס איז געדיכט, קוואַטשיק).
א, אין אַ זומפּ. פֿיג. א, אין חובֿות ביז איבער
די אויערן.
מיט ז י ך — „מע האָט זי צום סוף
פֿאַרטריבן אין אַ טיפֿער גרובֿ, און דאָרט האָט זי
זיך אײַנגעגריזנעט אין בלאָטע“, ממוס,
קליאַטשע.
איינגרייזלען — ← אויסגרײַזלען, ב1, 209.
-- - ▯
־עניש.
איינגרייטן — טרוו. גרייט אײַן, ~געגרייט.

--

1. אײַנשאַפֿן. אָנגרייטן פֿאַרגרייטן. אַויעקלייגן,

,

פֿאַרזאָרגן אויף שפּעטער. א, קאַרטאָפֿל און
האָלץ אויף ווינטער. 2. צוגרייטן. א, גענוג
משקה צו (פֿאַר) דער שׂמחה.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.

אײנגרייסן — טרוו. גרײַף אײַן, געגרײַפֿט,

- -

(געגריפֿן?). 1. אײַנקלאַמערן. אַרומנעמען.
אײַנשליסן. א, דעם קעגנער מיט בײדע הענט
אַרום האַלדז און אים אַוועקלייגן. יוסף מאַרשן,
חנוך לנער פֿיורדא תּקל"ד פֿאַרטײַטשט א, —

, ,

,,אפּרעהענדירן, אײַן פֿאַסן,,. 2 פֿאַרשטיין.

—

.

משׂיג זײַן. אײַנבײַסן. א, אַ שווערע אויפֿגאַבע,
אַ סוגיא. 3. דזוו אָנגרײַפֿן ←.
אײַנגרילן — טרוו. גריל אײַן, ~געגרילט. אמ.
[il o : >. אײַנבראָטן אויף אַן

אײַזערנעם מכשיר. א, דאָס פֿלייש. א, ד
פֿראַנקפֿורטערס.

אײַנגרימירן

איינגרימירן — טרוו ־מיר אײַן, ~(גע)
גרי—
.
מירט. 1. אַרויפֿלייגן, אײַנשמירן גרים, שמינק(ע). א, ס'פּנים צו דער פֿאָרשטעלונג. 2. (פֿאַר)גרימירן אַ צאָל. א, אַלע כאָריסטן, סטאַטיסטן. 3 פֿיג. זיך מאַסקירן. זיך ענדערן

-

.

(אין באַציאונג צו עפּעס, עמעצן). זיך פֿאַרשטעלן. „ער האָט זיך אָזוי אײַנגעגרימירט אַז איך דערקען אים ניט. עפּעס האָט ער מיר אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָלע פֿון אַ גאַנצן יאַטעבע־דאַם,,.

מיט ז י ך. —ונג. ־עכ ן. ־עניש.
איינגרינדן — טרוו. גרינד אײַן, ~געגרינדעט.
-
אײַנשטעלן אויף אַ פֿעסטן, זיכערן אופֿן.

אײַנוואָרצלען. „דאָס נײַע לאַנד דאַרף זײַן אַזאַ פּלאַץ
וואָס דאָרטן זאָלן אונדזערע געגעדיקע בּרידער
קענען א, און אײַנאָרדנען די נײַע עמיגראַנטן“,
ה. ש. סליווקין, הנודד, דער “נע ונדניק“,
וואַרשע תּרנ“ג.
איינגרינען — טרוו. גרין אײַן, ~געגרינט.
-
.
נעאָל. מאַכן אַ בּיסל גרין. אײַנמאָלן,
אײַנפֿאַרבּן מיט גרינער פֿאַרבּ. א, דעם פּלאַץ פֿאַרן הויז
מיט אַ בּיסל גראָז. מיט ז י ך — „די
אײַרישע גרינען זיך אַלע אײַן צום סען־
פּאַטריקפּאַראַד“, רייד (נ„י).
איינגריף — דער, ־ן. אַקט פֿון אײַנגרײַפֿן.
--
אָנריר. אַרײַנדרינג אין עפּעס. א, אין די לונגען.
א, אין אַ נײַער טעאָריע. „ניט ווייניק שולד...
טראָגן אויך די דאָקטוירים, וועלכע אָפּערירן צו
אָפֿט. ווײַל יעדער א, אין די געשלעכטס־טיילן...
[בּײַ געווינערינס] קען בּרענגען שאָדן„ פֿגעז,
,
ווילנע 15 1931' No.
איינגרענעצן — טרוו ־נעץ אײַן, ~
געגרע—
.
נעצט. 1. אײַנשטעלן גרענעצן. אײַנטיילן לויט

גרענעצן. א, דעם פּאַס קיינעמס־לאַנד צווישן
די שכנישע מלוכות. א, די רעקוויזירטע ערד
צווישן די פּויערים. 2. מאַכן אַ גרענעץ (אַרום
און אַרום). באַשטימען אַ גרענעץ. א, דעם
עזהפּאַס. 3 פאַרקלענערן. איינשרומפּן.
איינהאַ.
מעווען. באַגרענעצן. א, די מאַבט פון
פּאָליציי־באַאַמטע. א, די פּולמאַבטן פון פאָרזיצער פון
פאַראיין. א, די תּאוות.
אויך מיט ז י ך. ־ונג — „ספּענסער גייט
ניט אַזוי ווייט אין דער א, פון דעם
מענטשלעכן וויסן", מעריסאָן איבז, ספּענסער, ערשטע
פּרינציפּן.
איינדאָ'גמעדיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין
דאָגמע. אַן א'ע רעליגיע. ־יקייט.
איינדאַוו(ע)נען — טרוו. ־ון איין, ~
גע־־
דאַוונט. איינקנעלן אַ סך מאָל דאָס דאַוו(ע)נען,
אַז מע זאָל קענען גוט זאָגן די תּפילות. דער
מלמד האָט איינגעדאַוו(ע)נט מיט די קינדער
דעם גאַנצן שחרית.
מיט ז י ך — 1. זאָגן תּפילות מיט גרויס
כוונה און ניט אין זינען האָבן עפּעס אַנדערס.
„זיך אַזוי איינגעדאַוונט, אַז ער האָט ניט

געהערט וואָס עס טוט זיך אַרום אים‟. 2. ווערן
אַ געניטער שליח־ציבור. „האָט ער זיך אָבער
וואָס ווײַטער אַלץ מער אײַנגעדאַוונט אַזוי אַז
ער האָט שוין נאָכדעם געקענט אויסנעמען

1131

אויך מיט זײַן תּפֿילה און האַרציקער זאָגעכץ‟,
ש. וויגאָדא פֿאָר, 9 XII 1962.

,
איינדאָזיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין דאָזע.
א'ע קאַפּסלען.
איינדאַטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)
דאַ־
טירט. 1 פֿאַרשרײַבן די דאַטע אויף אָפֿיציעלע
.
פּאַפּירן. א, די אָנגעקומענע פּאָסט. 2.
אײַנשטעלן פּינקטלעכע טערמינען. א, די
פּראָדוקציע אויפֿן לויפֿיקן יאָר.
איינדאָלבען — טרוו. ־בע אײַן, ~געדאָלבעט.
-
סל. 1. אײַנבויערן. מאַכן אַ לאָך מיט אַ
דלאָט(ע). א, די ברעטער. 2. אײַנקלאַפּן,
אײַנהאַמערן אין עפּעס פֿיג. אײַנקנעלן, אײַנחזרן.

.
,,האָט זיך... אין אונדזערע מוחות
אײַנגעדאָלבעט די סבֿרה, אַז אָן פּעטש מיט בזיונות וואָלט
גאָר [דאָס לערנען] קיין קיום ניט געהאַט,,, ייִל,
ניט טויט ניט לעבעדיק, ווילנע תּרנ,,ח. מיט
ז י ך. —עניש.
אײַנדאַמפּן — טרוו. ־מפּ אײַן, ~געדאַמפּט.
פּפֿ: ~דאַמפֿן. 1. דורכנעמען מיט דאַמף.
א, וואָלענע מלבושים בײַם רייניקן. א, וועש
פֿאַרן פּרעסן. א, דרענגלעך און זיי בייגן אויף
דוהעס. 2. אײַנקאָכן אַ מאכל אין אַ
צוגעמאַכטער כּלי, קאָכן אין פּאַרע. א אַ זראַזע.
,
מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
איינדאָסן — טרוו. דאָס אײַן, ~געדאָסט.
-
1. לשון־נקיה פֿאַר אַרויסלאָזן צואה אין אַלע
באַטײַטן. 2. במקום־ווערב פֿאַר פֿאַרשיידענע
טואונגען (שפּאַסיק און פּעיאָ). א, די אַרבעט.
מיט ז י ך.
איינדאָפּטשען — ל2. ← אײַנטאָפּטשען.
--
איינדאַקוטשען — דזוו אײַנדערקוטשען ←.
--

אײַנדאַרבן — דאַרב אײַן, ,געדאַרבט. אוטוו
פֿאַרלירן די פֿרישקייט. ווערן שטאַרק טרוקן.
— -

גיין אין ניוועץ. אײַנדאַרן און א'. טרוו —
אײַנטריקענען. א, פֿעלן.
איינדאַרן — דאַר אײַן, ~געדאַרט. פּפֿ:
-

~דערן. אוטוו — 1. ווערן מאָגער, דאַר. א',
ווערן הויט און ביין. ,,דער נאָך הט מן גנומן
אין תּפֿיס אַרײַן אַלי עלצטי פֿון יהודים אונ
,
זענין גווען במצור ובמצוק פֿיל צײַטן ביז עשׂ
איז אײַן גדאַרט וואַרן זייער הויט אויף די
ביינר,,, שי, ג/א. קללה: א, זאָל ער, פֿאָטער
אין הימל!
2. ווערן צעטריקנט. אויפֿהערן וואַקסן. דאָס
ביימל דאַרט אײַן. דער וואַזאָן האָט שוין
אײַנגעדאַרט.
3. אײַנשרומפּן, ווערן געקנייטשט פֿון
אויסגעטריקנטקייט. ,,די הויט פֿון מײַן לײַב טוט
אויף מיר ציטערן, גלײַך ווי פֿון היץ פֿון אַן
אויוון טוט די הויט א',,, ישרי לבֿ, ווילנא
והוראָדנא תּקע,,ט, כד/א.
4 פֿאַרלירן די לעבנסקראַפֿט, ווערן

אומבּאַ.
וועגלעך. די האַנט האָט אים איַינגעדאַרט. „פֿר
וואָר זיַין האַנד זעלט אים איַין דערין...“,
יוסיפֿון, אַמשט 1743, פּה/ב.
5. ווערן ווייניקער, קנאַפּער. אינגאַנצן
פֿאַרשווינדן, מער ניט עקסיסטירן. די קיוואַלן פֿון

איינדוכנען
-.

פּרנסה דאַרן איַין. „בשעה דז יוסף איז נפֿטר
גיוואָרן זיַינן איַין גידאַרט גיוואָרן די מעיינות
ומקורות החכמה“, נצ1, דבֿרים, מא/ד. „און,
דז ווסר פֿר פֿרירט אודר איַין דרט“, סהמ,
איובֿ, ו, 19.
טרוו — 1. מאַכן דאַר(ער). איַינטריקענען.
איַינציִען. א, וואורשט פֿאַרן אַוועקשיקן. א,
בּרויט, מאַכן סוכאַרעס. „אין ניט קיין
געבּאָטענעם תּענית איז פֿיל געזינטער צו עסן ווי
איַינצודאַרן זיך די קישקעס“, בּ. בּעקערמאַנן, זבּ,
דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895. 2. (אַרכ)
אומבּרענגען פֿאַרלענדן. „איך וויל פֿר וויסטן
,
דיא בּערג..., כּלומר דיא שׂרים און, מלכים,

און אַל איר קרײטכט, כּלומר דיא צו זיא

,

בּיהעפֿט זײַן דיא וויל איך אײַן דאַרן“, סהמ, ישעיה, מב, 16.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש — „אַז עס קומט דער ווינטער, קומען זאָל אויף אײַך אַן אויסכאַפּעניש מיט אַן א', מיט אַן אײַנשרומפּעניש„, שע פֿונעם יאַריד II. אויך: אַ דאַרער מענטש.

,

אײַנדבּרן — [... דאַבּערן] טרוו. דבּר אײַן,

--

~געדבּרט. אײַנריידן (געניצט אין פֿאַרשטעלטן לשון אָדער מיט אַ נעגאַטיווער שטעלונג). א, אַ קינד אין בּויך. א, דעם ערל ער זאָל אויסזאָגן. „וואָס האָט יענער אײַנגעדבּרט ד י ר? זאָלסט ווערן איינער פֿון זייער מיאוסער חבֿרה?„. אויך מיט ז י ך — א, זיך אַ קרענק.

-

אײַנדבּקען זיך — [... דווייקען. ◌.] אוטוו.

-

דבקע זיך אײַן, זיך ~געדבֿקעט.

אַרײַנבּרענגען זיך אין צושטאַנד פֿון דבֿקות, עקסטאַז.

א, זיך ווי בײַם אויסלאָזן דעם אחד. א זיך אין (בײַם) דערציילן דעם רבינס פּירעכצן. ־עניש.

--

איינדברן — [... דעווערן] טרוו. דבֿר אײַן,

--

~געדבֿרט. 1. אײַנמאָרען. מאַכן דאַר, שוואַך, קראַנק. א, די געפּאַנגענע. 2. מאַכן אָפּשטויסנדיק, עקלדיק. „דער הקדש האָט נאָך מער אײַנגעדבֿרט די פּאַרלײַזיקטע שלעפּערס„.

אײַנדובען, ~דויבען — טרוו. ־בע אײַן,

~געדובעט, ־דויבעט. 1. דזוו אײַנדאָלבען. 2. דזוו אײַנדברן.

אײַנדודלען — טרוו. ־דל אײַן, ~געדודלט.

אײַנרעדן, אײַננאַרן מיט אַ סך זיסע (חניפֿהדיקע) רייד. א, גוטע צוזאָגן. „ער האָט א י ר אײַנגעדודלט אַז ער וועט חתונה האָבן מיט איר“.

איינדווקאן זיך — [... דאַווקען...] אוטוו.

-

דווקא זיך אײַן, זיך ~געדווקאט. זײַן כּסדר אַ צו־להכעיסניק, אַ משה־קאַפּויער, טאָן אָדער ריידן פּאַרקערט ווי ס'איז שׂכלדיק, אויף

אָפּצוטאָן. „האָסט זיך אַזוי אײַנגעדוקאט אַז מע
קען ניט רעדן צו דיר ווי צו אַ דערוואַקסענעם„.
איינדוכנען — [... דוכענען] טרוו. דוכן אײַן,
-

 .־,געדוכנט. פּעיאָ. במקום־ווערבֿ פֿאַר:
אײַנרעדן, אײַנדווינטשן, אײַנבענטשן, אײַננאַרן אע.
א, דעם פֿריץ. מיט ז י ך — זיך
צוגעוואוינען צום דוכנען. "ס'איז מיר געווען מאָדנע
זיך אַוועקשטעלן פֿאַרן עולם און דוכנען. איך
האָבֿ זיך אָבער אײַנגעדוכנט„.

אײַנדולבֿען
איינדולבֿען — ← אײַנדאָלבֿען.
-
איינדולדן — דולד אײַן, ~געדולד(ע)ט. פּפֿ:
-

~דולדיקן. אקוזוו — אויפֿנעמען מיט אַ
רואיקן געמיט, ניט פֿאַרלירנדיק דעם קאָנטראָל
איבער זיך. א, אַ פֿגע־רע. טרוו — מאַכן מע
זאָל זײַן געדולדיק. א, די קינדער בײַם לערנען
רעכענען. ־יקונג.
איינדולן — טרוו דול אײַן, ~געדולט.
-

1. שטאַרק אײַנרעדן און צעטומלען מיט
צוזאָגן אַ סך גוטס, מיט געבן פֿאַלשע הבֿטחות.
א, דעם עולם־גולם. א, יענעם אַ ספּאָדיק,
צוזאָגן הרים וגבֿעות. 2. אײַנטומלען. די
קינדער דולן אײַן דעם קאָפּ. מיט ז י ך. ־עניש.
איינדונערן — 1. אוטוו, דריטפּערזאָניק.
-

מיטאַמאָל אַ דונער טאָן. 2. טרוו. אַר ינהאַמערן
אין קאָפּ מיט דונערדיקע רייד. א, די לאָזונגען.
איינדוריק — [... דאָריק] אדי. נעאָל. 1. וואָס
איז נאָר בעת אָדער פֿאַר (צוליב) איין דור.
אַן א'ע באַוועגונג. 2. וואָס איז מיט אַנדערע
פֿונעם זעלבן דור. א'ע קעמפֿערס.
איינדורען — טרוו ־רע אײַן, ~געדורעט. סל.
-

1. דזוו אײַנדולן. 2. דזוו אײַננאַרן. מיט ז י ך.
—עניש.
איינדושען — טרוו ־שע אײַן, ~געדושעט.
—

פּ : ~טושען. 1. אײַנדעמפֿן. א, פֿלייש.
2. דערשטיקן. אײַנשטיקן. 3. סל. אײַנרואיקן.
א, דעם ווייטיק. 4. סל. אַרומלייגן מיט אַ סך
זאַכן. „די מאַמע האָט זי אײַנגעדושעט אין

בעטגעוואַנט“, בּ. דעמבּלין, איק, ר״ה תּשכ,,ד.
5. סל בּאַשפּריצן אָדער אָנזאַפּן מיט פּאַרפֿום.
אָ אַ נאָזטיכעלע. 6. איינקוועטשן. א, די זאַכן
,
אין דער וואַליזע. מיט ז י ך. ־עכץ.
־עניש.
איינדזשימען — אוטוו. ־מע איין, ,
געדזשי ־
מעט. וורר. איינדרימלען. אַרײַנקומען אין אַ
צושטאַנד פֿון שלעפֿעריקייט. ״דער הונט האָט
פֿון דער היץ אײַנגעדזשימעט“, רייד (מוש).
איי'נדיבּורדיק — אדי. וואָס איז פֿון איין
נוסח, פֿון איין דאַגמאַטישן געדאַנק (וועגן
ריידן, שרײַבּן אע). א'ע טענות.
איינדיטקעווען — טרוו ־קעווע איין, ~
גע— .
דיטקעוועט. אײַנמאָנען אין דיטקעס [= קליינע
מטבּע, 3 גראָשנס], אַרײַנקריגן דיטקעוויז (אין
קליינע, נישטיקע ראַטעס). א, אַן אַל ן חוֹבֿ.
איינדייטיק — אדי. 1. וואָס האָט נאָר איין

--

מיין, איין באַטײַט. וואָס מע קען פֿאַרשטיין
נאָר אויף איין אופֿן. רעדן א', אָן הינטערוועגן.
אַן א'ע קלאָרקייט. א'ע דערמאָנונג. „ניט
אַזוי... א, זײַנען די צווישנשײַכותן פֿון דעם
נאַציאָנאַלן און דעם קלאַסן־עלעמענט בײַ דער
בורזשואַזיע פֿון דעם אונטערגעדריקטן פֿאָלק“,
זשיט I, נ"י 1917. 2. (מאַט) איינציפֿערדיק.
ראָכקינד שקליאר ווב פֿון 1 און פֿאַרענדיקט
מיט 9. ־יקייט — “אין רישמאַנס שרײַבן
אין דאָ די געמאָסטנקייט פֿון אַרכיטעקטור און
א, פֿון אַ מאַטעמאַטישן זאַץ“, שנ, קריטיק און
קרוטדקער
איי'נדימענסיאָנאַ'ל — אדי. וואָס איז פֿון

1132

איין דימענסיע, פֿון איין אויסמעסטונג. אַן א'ער
געדאַנק. ־קייט — “אָט די א, האַט צומאָל
געשאַפֿן דעם אײַנדרוק פֿון גוזמאדיקייט“, ש.
ביקל, טאָג, 1969 III 1.
איינדינגען — טרוו. דינג אײַן, געדונגען.

-

1. קוי􏰀ן אָדער קריגן צום ניצן נאָכן דינגען
זיך וועגן מקח. א, סחורה. א, אַ דירה. 2.
קריגן בעסערע באַדינגונגען נאָך אונטערהאַנדלונגען.
א אַ לענגערן טערמין אויסצוצאָלן. 3.
צו,

קריגן נאָך עפּעס חוץ דער עיקרדיקער זאַך (ווי
אַ רעזולטאַט פֿון דינגען זיך). א אַ היטל צום

,

מאַנטל. מיט ז י ך — אָננעמען אַן אַרבעט

􏰀אַר אַ באַשטימטער שׂכירות, ביי באשטימטע
תּנאָים. "דאשׂ ער גלייך איז אַלשׂ איינר דער
זיך איין דינגט בייא איין בעל הבית אויף

איין יאַר,,, צאינה, קמט/א. ־עכ􏰀ן. ־עניש.
איינדינען 1 — [לאַנגע י אין פּד] דין איין,
􏰀 -

~געדינט. אָפּדינען אַ טייל פֿון דער צייט
וואָס מע מוז דינען. א, די ערשטע צוויי יאָר
פֿון די פֿינף יאָר דינסט אין דער צאַרישער
אַרמיי. ,,כ'האָב שוין געהאַט איינגעדינט דעם
בעל־הבית מער ווי אַ העלפֿט פֿון מיין לערע,
אָבער איך האָב מער ניט געקענט אויסהאַלטן".

מיט ז י ך — זיך צוגעוואוינען צום דינען.
אײַנדינען ll — טרוו. דין אײַן, ~געדינט.
מאַכן דין אָדער דינער. א אַ בּרעטל. "די זיבּן
,
מאָגערע יאָר האָבּן אים אײַנגעדינט".
אײַנדיסציסלינירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~
דיסציפּלינירט. 1. אײַנשטעלן אַ דיסציפּ :ין.
אײַנבּרעכן אין אַ בּאַשטימטער אָרדענונג. א, די
יונגע זעלנערס. א, אַ צעבּונטעוועטן קלאַס.
2. צוגעוואוינען צו אַ געוויסער אָרדענונג, צו
אַ רוטין. א, דעם קערפּער. מיט ז י ך —ונג.
.
איינדיפּטאָנגיק — אַדי. נעאָל. 1. וואָס האָט
נאָר איין דיפּטאָנג. אַן א, ריידעניש. 2.
גלײַךדיפּטאָנגיק. וואָס האָט דעם זעלבּיקן איינציקן
דיפּטאָנג. „הויזן און הייס זײַנען א, אין לר".
אײַנדיקטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~
געדיקטירט. אויך: ~דיקטעווען. 1. דיקטירן
מיט אַ בּאַזונדערער התמדה אָדער עקשנות.
א אַ בּריוול, אַז מע זאָל עס קיינמאָל ניט
,
פֿאַרגעסן. 2. אַרויפֿצווינגען מיט בּאַזונדערער
שטרענגקייט אָדער אַכזריות. א, פֿאַראָנדקעס,

אַז מע זאָל ניט קענען אָטעמען.
אײַנדיקן — טרוו. דיק אײַן, ~געדיקט. מאַכן געדיכט(ער). קאָנדענסירן. א, מילך. האַלט פּעטשא לענגער אין אַ קאַלטן אָרט אײַנצודיקן.
איינדירהדיק — אדי. וואָס האָט (באַשטייט נאָר פֿון) איין דירה. א'ע הײַזקע.
איינדיריגירן — טרוו. ־גיר אײַן, ~(גע)
די -
ריגירט. 1. אײַנשטודירן אַ קאָנצערט, יעדער מין מוזיקאַלישע פֿאָרשטעלונג. א, דעם כאָר. א, נומערן אר אַ פֿאָרשטעלונג. „דער וואָס האָט אײַנדיריגירט איז קראַנק געוואָרן און דעם קאַנצערט האָט געפֿירט אַן אַנדער דיריגענט“. 2. אײַנטרענירן. אײַנמושטירן. א, די מיטגלידער פֿון פֿאַראיין, זיי זאָלן אויף אַלץ זאָגן יאָ —ונג.
.

איינדעקן
-

איינדישען — טרוו ־שע אײַן, ~געדישעט.
—
.
דזוו אײַנדושען, בב 2־3. „מע דאַרף דאָס קינד

ניִשט צו פֿיל א', ניִשט צו פֿיל טוליען". „אַפֿילו אין דער וויַיבערשול האָט זיך די ב□לה איַינגעדישעט", ר. פּאלאטניק, איק, ר"ה תּשכ"א.
איינדליבען — טרוו. ־בע איַין, ~געדליבעט.
□־
פּפֿ: ~דלובעו , ~דאַלובען, ~
דעלו□
בען. דזוו איַינדאָלבען, ב1. א, מיט אַ נאָגל, מיט א פֿינגער ־עניש.
—
.
איינדלפֿ(ו)נען זיך — [... דאַלפֿענען] אוטוו.
--
דלפֿ(ו)ן זיך איַין, זיך ~געדלפֿ(ו)נט. זיך איַינגעוואוינען צו אָרעמקייט. זיך אַזוי א, מע זאָל שוין גאָרניט וועלן קיין גרינגער לעבן.
איינדעהדיק — [... דייעדיק] אַדי. 1. וואָס האָט די זעלביקע מיינונג. א'ע בוזעמפֿריַינד.
2. וואָס איז אין פֿרלן הסכּם מיט אַלע מיינונגען. איינשטימיק. אַן א'ע החלטה. ־יקייט. אויך מיטן סופֿיקס ־יק.
איינדעווערן — ← איַינדבֿרן.
--
איַינדעכען — טרוו. ־כע איַין, ~געדעכעט.

סל. ← אײַנאָטעמען (עמאָציאָנעל). א, די
פֿאַרשטונקענע לופֿט.
אײנדעמסן — טרוו. דעמפּ אײַן, ~געדעמפּט.
-
פּפֿ: ~דעמפֿן. 1. אײַנדאַמפּן, אײַנדאַמפֿן,
בּ2. 2. אײַנדושען. א, פֿלייש. ״מע לאָזט [די
הון] זיך א, בּיז עס ווערט העל־בּרוין אויף
אַלע זײַטן״, מ. ראָוז פּאָר, 3 .3 1967 X.
אײַנ,
שטיקן (בּנוגע רעדן אע). א, דעם רכילותניק.
4. שטילער מאַכן. א, דאָס קול. ־ונג. ־עכ ן.
—עניש.
אײנדענקען — טרוו. דענק אײַן, ~געדענקט.
--
ארכ. מאַכן מע זאָל גוט געדענקען, האָבּן
שטאַרק אין זינען. „כּל הזכיות דריין גשטעלט
און, לבֿעלי המשפּט געבּין כּדי אַז די זכיות
אײַן דענקין זאָלין״, 'כּ״י וועגן מעצער
עלילתדם', 1669 [פּש III].
אײנדעקיק — אדי. וואָס האָט איין דעק. אַן
א, שיפֿל. אַן א, פֿעסל.
אײנדעקלאַמירן — טרוו ־מיר אײַן, ~(גע)־
— I
דעקלאַמירט. אײַנחזרן אַ פּאָעטיש ווערק, כּדי

עס פֿאָרצולייענען, צו דעקלאַמירן.
איינדעקן — טרוו. דעק איַין, ~געדעקט.
--

1. אַרויפֿלייגן אויף עמעצן אַ צודעק (
קאָלדרע, מאַנטל אע) און באַוואָרענען אַז דער גוף
זאָל אין ערגעץ ניט בלײַבן אָפֿן. א, דאָס קינד
אין וויגל. "גיי, דודל, מיט איר און דעק זי
איין מיט מײַן שאַל", ממוס, שלמה. „די
מאַמע... האָט אײַנגעדעקט די מיידלעך וואָס
האָבן אין שלאָף אָפּגעקאָפּעט פֿון זיך די
קאָלדרעס", אָפּא, 'אין דער פֿרעמד'.
2. איבערציִען עפּעס מיט אַ שטאָף אָדער
סתּם פֿאַרשטעלן, מע זאָל עס ניט זען. א אַ
,

טרייפֿענע סחורה. "שפּרייט זי אויס אירע
צעלאָזענע האָר ביז אויף אײַנצודעקן דאָס פּנים",
ד י. זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען,
ווין 1931 יג. "שטילע נאַכט מיט זײַדן־
פֿליג.
לען... האָט אין זילבערשײַן און שאָטנס

אײַנאײנדערבאַרעמען זיך
--

גערעקט דעם אוהל־מועד", יהואָש, 'עלי און שמואל'.

3. אַרויפֿטאָן, אַרויפֿלײגן פֿון אויבן. א, דעם טאָפּ מיט אַ שטערצל. א, דעם קרוג וואַסער מיט פּאַפּיר. "בשעת מע פֿירט איבער די בײמער פֿונעם פֿיטאָמניק צו זיך, דאַרף מען זיי גוט... א, מיט שטרוי און מיט ראַגאָזשעס", רעד, אַגראָנאָם מ. װעללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.

4. מאַכן עפּעס זאָל אַרומנעמען. א, די פֿיס מיט הייס וואַסער. „דעק אײַן די קאָפּ איבער דער כלי, זאָל גיין אויפֿן קאָפּ די פּאַרע„, איין ביחל... וויא צו היטין דאָס גיזונד..., שקלאָוו 1795.

5 פֿאַרהיטן. א, דעם באַטאַליאָן מיט שטאַרקן .

אַרטילערישן פֿײַער.

מיט ז י ך — „אויף שאָטן כ'לייג זיך צו, מיט שאָטן כ'דעק זיך אײַן„, האָפֿ, בײַ וועגן. „אָבער ער זאָל זיך ניט א, מיט שטינקעדיקע

וואַסער און ניט מיט ווייקוואַסער,,, זרעים, ד/ב.
איינדעק ־ונג ־עכץ ־עניש.
—
. . .
איינדערבּאַרעמען זיך — אוטוו. ־רעם זיך
-
איַן, זיך ~דערבּאַרעמט. דזוו זיך
דערבּאַרעמען, אָבער עמאָציאָנעלער. א, זיך אויף אַ
נויטבּאַדערפֿטיקן.
איינדערווייזן — טרוו. ־וויַז איַן, ~
דער ־ -
וויזן. אינגאַנצן דערוויַזן, עס זאָל קיין ספֿק
ניט בּלייַבּן. א, די שולד(יקע). א, אַז דער
עקספּערימענט איז טאַקע אַ געראָטענער.
איינדערזען — טרוו. אימפּ, איצ נבּ; ~

דערזען. קלאָר דערזען, זיך איבּערציַיגן. ,,איך
האָבּ שוין אויו א, אַז דאָס איז ניט דער
ריכטיקער זיווג,,..
איינדערן — דזוו איַנדאַרן ←. ספּעצ אוטוו.
-
איַנגעדאַרט ווערן. א, פֿון אַ קראַנקייט. א, פֿון
שווינדזוכט.
איינדערעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון
-

איַינדערן. ספּעצ שווינדזוכט, סוכאָטע. אין אָט
דער פֿאָרעם ווערט בּאַנוצט בּעיקר ווי אַ קללה:
אַן א, אויף אים (איר).
איינדערפֿילן

— טרוו. אימפּ, איצ נבּ; ․ ־,

דערפֿילט. דזוו דער ילן, נאָר עמפּאַטישער. א,
אויך יענעמס ווייטיקן.
איינדערקוטשען — טרוו ־טשע איַין, ~
דער־ .
קוטשעט. שטאַרק דערקוטשען, איַינמאַטערן
מיט רייד, מיט טענות, מיטן אויפֿפֿירן זיך.
,,ער האָט מיך אַזוי איַינדערקוטשעט אַז איך
האָבּ געמוזט אים אָפּענטפ[ערן גראָבּ‘‘.
איינדערקלערן

— טדוו. אימפּ, איצ נבּ

--
~דערקלערט. גוט, גרינטלעך דערקלערן, מע
זאָל פֿאַרשטיין, געדענקען. א, אַן ענין (אַ
טעאָרעם) אַלע זאָלן עס בּאַנעמען.
איינדערקענען — טרוו דערקען איַין, ․י.,

דער

-

קענט. באמת דערקענען וואָס פֿאַר אַ מין מענטש (אָדער זאַך) מ'איז. א, דעם נפֿש. א, זײַנע מיאוסע גענגעלעך. מיט ז י ך.
איינדערשרעקן — טרוו. דערשרעק אײַן,

~דערשראָקן. שטאַרק דערשרעקן. מאַכן

צער זאָל אַרומגענומען ווערן מיט מורא. אַזוי א, די קינדער מיט די ווילדע מעשׂיות, זיי זאָלן ניט קענען אײַנשלאָפֿן. א
איינדראַזגען — טרוו ־גע אײַן, ~
געדראַז— .
שפּאַלטן מי א
ט אַ דראַזג. א אַלע פֿענצטער.
געט. אײַנבּרעכן, צעבּרעכן, אײַנשפּאַלטן,

צע,

-

־עניש.

איינדראַט(ע)ווען — טרוו ־ט(ע)ווע אײַן,

-

~געדראַט(ע)וועט. 1. דורכנייען, אײַנייען מיט דראַטווע די ראַנדן פֿון אייבערטייל (שיך, שטיוול אע) צו דער טריטלעדער (פֿאַרן אַרויפֿקלאַפֿן די פּאָדעשוועס). 2. באַשמוצן. דזוו אײַנטראַטעווען. אײַנדראַקען. אײַנשמירן, אײַנברודיקן. א, די גאַנצע שטוב.

איינדראָטעווען — טרוו. ־טעווע אײַן, ~

געדראָטעוועט. פּפֿ: ~דראָטן. 1. אַרומבינדן, פֿאַרריבטן מיט דראָט. „ווען ער מאַכט מיר טרייף דאָס טעפּל, וואָלט איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ערשט פֿאַר פסח אים אײַנגעדראָטעוועט“, אַר, 'דער רבֿ'. „אַ צעבראָכן טעפּל קען מען נאָר א', גאַנץ מאַכן עס קאָן מען ניט„, שוו. 2 פֿאַרריכטן, גאַנץ מאַכן; היילן. „איז

.

דאָס לעבן צעבראָכן — וואַרפֿט אַרויס די שערבלעך; פּרוּווט זיי ניט א'“ [שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I].

איינדראַנג — דער, ־ען. דאָס אַרײַנדרינגען

-

זיך. אַרײַנקום אומגעבעטן, מיט כוח. אַן א, אין זאַל וואָס איז שוין פֿול מיט מענטשן. ,,נור דוריך... גליקלעכן איינטראַנק אין דעם... קאַפֿעהויז... מײַן לעבן [צו] רעטן,,, ,גזירה העבבֿ', 1819 [ייִבֿל, ׳י1 ,XI־2].

איינדראַפּען — טרוו. ־פּע אײַן, ~געדראַפּעט.

-

אײַנקראַצן, אײַנקריצן מיט נעגל. א, ווי אַ קאַץ. א, דאָס פּנים.

מיט ז י ך — אויך: אַרײַנדרינגען

אומגעוואונטשן. ,,האָבן זיך שוין געפֿונען נ׳ כפֿאָלגער (יורשים), וועלכע האָבן שוין געהאַט די העזה אײַנצודראַפּענען זיך... אין גוף פֿון... ייִדנטום", ייִפֿאָל, 1887 49 ,No —עניש.

.

איינדראַקען — טרוו. ־קע אײַן, ׳.,געדראַקעט.

-

1. אײַנשמירן מיט טינטפֿלעקן, קויט אע (אָפּטער וועגן פּאַפּיר). א אַ העפֿט. א, די היימ,

אַרבעט. 2. (גראָבֿ) אײַנשרײַבן. א, זידלערײַען אין דעם עם־הארצישן בריוו. ־עכץ ־עניש.

איינדרומלען — טרוו. ־מל איַין, ~געדרומלט.
-

1. איַינקלאַפּן אויף אַ דרומל. איַינטומלען. א, עפּעס אַ פּרימיטיווע מעלאָדיע. א, דעם קאָפּ מיט פלאַפּלערײַען. 2. איַינריידן; איַינשמועסן. מאַכן אַז יענער זאָל גלייבן (געוויינטלעך וועגן אוממעגלעכקייטן און אומגעלומפּערטקייטן).

,,דרומלען זיי איַין אַ קינד אין בויך,,, רי‏''ל, די הפֿקר וועלט, וואַרשע תרס''ב. ,,דער פֿאָטער, דער פֿאַנאַטיקער... דרומלט איַין זיַין קינד די גרעסטע דומהייטן'', דער ריַיזענדער, וואַרשע 1883. ,,דאָס האָבן אומדערפֿאָרענע דאָקטוירים... איר איַינגעדרומלט אין קאָפּ, אַז זי ,דאַרף האָבן',,, מר III, נ,,י 1908.
־עניש — ,,די נאַרישע פֿאַרליבעניש וועלכע ס‏איז ניט מער ווי אַן א', אַן 'איַינשמועניש',

איַינדרוק
-

און גאָרניט,,, ח. ד. גילדענבלאַטט, א‏רהמעלע בעל־עגלה, ווילנע 1913.
יינדרונג — דער, ־ען. אַקט אָדער פּראָצעס

-

פֿון אײַנדרינגען. דזוו אײַנדראַנג.

ייִנדרוק — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזול

--

טאַט פֿון אײַנדריקן. אַ קאָנטיקער א'. אַ דויערדיקער א'. כ'האַב דעם א, אַז... דער א, איז אַז... 2. סימן, אָפּצייכן, סל אַד. דער א, פֿון

י

טריט אויפֿן פֿריש־געפֿאַלענעם שניי. א, פֿון די רעדער.

3. רעאַקציע פֿון אַ רייצונג אויף אַ נערוו (אָדער אויף דער גאַנצער נערוון־סיסטעם). שטאַרקער א, פֿון ריחות. דער א, פֿון דער אויסגעשטערנטער נאַכט. „[דער מענטש] האָט אַלע א'ן וואָס ער האָט באַקומען פֿון דער נאַטור איבערגעאַנדערשט און אויפֿגעבויט פֿון זיי זײַנע ווּיסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע פּאַלאַצן„, זשיט III, נ„י 1912. „די טרויעריקע נאַטור האָט אָבער פֿאָרט געמאַכט אויף אים אַן א',„

ט. קאַמינסקי, אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אַ י) ראַלקלען, קיִעוו 1913.

4. אַלגעמיינער רושם פֿון אַן איבּערלעבּונג, דערפֿאַרונג. איבּערדערציילן אַן א'. א'ן וואָס זײַנען... ניט געווען פֿאַרגעסן אויף אַן אמת, זיי זײַנען מער ניט געווען אומצוטריטלעך“, מוו איבּז פֿרויד, פסיכאָאַנאַליז. „דעם מאַטעריאַל

פֿאַר זייער שאַפֿן נעמען זיי ניט אין זייערע אוממיטלבּאַרע לעבּנס־א'ן, נאָר אין זייערע קונסט־ערפֿאַרונגען„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „אונטערן א, פֿון די פֿריִערדיקע בּאַליידיקונגען טראַכט מיט בּיטערניש און וויי.....„ שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט..

5. עפֿעקט אויף געפֿיל(ן). שטאַרקער, גרויסער א'. שוואַכער א'. בּאַקומען, קריגן, איבּערלאָזן אַ גוטן (שלעכטן, עקלדיקן אאזוו) א'. „אונטער אַלע יונגעלײַט וועלכע דער צופֿאַל האָט מיר צוגעפֿירט, האָט קיין איינציקער אויף מיר קיין א, ניט געמאַכט„, רחלע די זינגערין, זשיטאָמיר 1868. „אויף נישט קיין פֿאַרדאָרבּענע קינדער מאַכן... אַ שלעכטן א, אַלע לשון־הרע„, קמ, 1870 40 ,No. „די גוטע בּשׂורה האָט געמאַכט אַן א, אויפֿן ווײַבּ“, יק. „דאָס

מוזיקאַלישע וועט זיכער מאַכן אַן א,“, מ. בּורשטין, 'גורל'. ‟צוליבֿ דעם אינהאַלט פֿון בּילד מאַכט די גאַנצע ריזיקע אונטערנעמונג קיין שום א, נישט“, דא, פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.

6. רושם אויפֿן אופֿן טראַכטן. ווירקונג, השפּעה. מאַכן אַן א, מיט די לאָגישע בּאַווײַזן. מאַכן אַ שטאַרקן (דעצידירנדיקן) א,. מאַכן אַן א, אויפֿן עולם. גאָר קיין א, ניט מאַכן. ,, איבּערהויפּט שפּילט אין אַ קליין חסידיש שטעטל דער גרעסטער מלמד די גרעסטע ראָלע. ער האָט דעם גרעסטן א, אויף דעם עולם,,, קמ, 22 l869, No. ,,איר מיינט אַז מאָסקוויטערש [= רוסיש] שרײַבּן איז גאָר אַ קלייניקייט, קאַרג מאַכט דאָס אַן א, אין ייִדישקייט,,, דער אקציזניק, זשיטאָמיר 1868.

7. אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונג וועגן אַ מענטשן,

אײַנדרוקן

- ￼

וועגן זײַנע אייגנשאַפֿטן. מאַכן אַ בּאַזונדער גוטן א, מיטן שיינעם בּאַנעמען זיך. דער א, איז געבּליבּן אַז ער (זי).... מאַכן אַן א, פֿון

אַ גרויסן מענטשן (גדול־הדור, צדיק אע). אַ
גוטער (שלעכטער) א, פֿון קאַנדידאַט. דער א,
פֿון זײַן אופֿן רעדן. מאַכן אַן א, פֿון אַ וואָרעם
(לויז, פֿראָש, הונט אע). ‘‘געבליבן שטיין ווי
אַ סטרונע איסגעצויגן, ער האָט געמאַכט דעם
א, ווי ער וואָלט דורכגעגאַנגען דורך אַ מאַנגל‘‘,
אַש, תּהילים־ייִד.
8. פֿאָרשטעלונג, מיינונג וועגן אַ געשעעניש,
פֿארקומעניש אע. דער א, פֿון פֿאָגראָם פֿון

□
,
אויפֿשטאַנד. ,,אַוועקצושווענקען דעם פֿאַלשן א',
אַז ייִדן זײַנען געגאַנגען ווי שאָף צו דער
שחיטה‘‘, בצג, טמז, 1961 □ □ □)2.
9. אַרכ. טוו פֿאַר ,גירה, [אין מעלה־גירה
זײַן]. ,,און, דען האָז ווען אויף ברענגט א'...
און, קלאָן ניט ער אישׂט גיקלאָט, אונריין זיא
צו אײַך‘‘, טח, ויקרא, יא, 6.
אײַנדרוקן — טרוו. דרוק אײַן, ~געדרוקט.
-
אַרײַנדרוקן. א, נאָך אַ הוספֿה (צוגאָב) צום
טעקסט. ‘‘דא האָט דער וואורם [שמיר] אײַ[ן]
גידרוקט... די (אותיות)‘‘, צאינה, עד/ד.
אײַנדרוק(ס)לאָז — אדי. אויך. □לאָזיק,

—
.
נר וואָס האָט (מאַכט) ניט קיין אײַנדרוק,
מאַכט ניט קיין רושם. א'ע רייד. אַן א'ע
פֿאָרשטעלרנג. ־(י)קייט. [דטשמ וואָס איז שווער
צו פֿאַרבײַטן.]
אײַנדרוקספֿול — אַדי. 1. וואָס לאָזט איבער
-
אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אַן א'ע רעדע,
אונטערנעמונג, פּראָגראַם. 2. וואָס נעמט אַרײַן אין זיך,
זאַפּט אײַן אײַנדרוקן. א'ער מענטש. א'ע
שטימונג. ־קייט.

-
איינדרוקס־סעאיק — אַדי. וואָס קען (איז
-
מסוגל) איבערצולאָזן אַן אײַנדרוק. א'־פּ'ער
פּראָפּאַגאַנדיסט. ־יקייט.
אײַנדרוק־צייכן — דער, ־ס. ← אײַנדרוק,
-
בּ2, בּבּ 5־6. ״נאָר דערצו העלפּט דער א'־צ,
אין די מוחין און די יראה פֿאַר גאָט און די
אַהבֿה צו אים,,, תּניא, לד.
איינדריבּלען

— טרוו ־בל אײַן, ~געלען.
— . דריבּלט.
פּפּ: ‏י־,דריוולען. אויך: ~דרויבּ
אײַנבּרעקלען, אײַנקרישען. א, סוכאַרעס (
סעכערעס) אין אַ זופּ. די ציבּעלעס דאַרף מען
מער ~דרויבּלען.
איינדריגען — טרוו ־גע אײַן, ~געדריגעט.
— .
אײַנשטויסן מיט אַ פֿוס (די פֿיס). א, און
אײַנפּרעסן אַ קופּע אַראָפּגעפֿאַלענע בּלעטער. א,
אַ שיכּור פֿון דער לאַווע אין דער רינווע אַרײַן.
איינדריזגען — טרוו. ־גע אײַן, ~געדריזגעט.
-
1. אײַנשפּריצן מיט בּלאָטע, קויט אע. א, די
שיך. 2. דזוו אײַנדראַזגען.
איינדריזיק — אדי. וואָס האָט איין דריז.
א'ער אָרגאַן.
איינדריי — דער, ־ען. אַקט אָדער פּראָצעס
-
פֿון אײַנדרייען. אַן אומגעריכטער א, אין אַ
זײַטיק געסל. אַ מיאוסער א', אַ שווינדל.
אײַנדרייען — טרוו. דריי אײַן, ~געדרייט.
--

1. אַרײַנדרייען, אַרײַנשרויפֿן. א, אין אַ געשטעל. א, אַן עלעקטריש לעמפּל אין פֿאַטראָן. „איין בעכר דער דא גיגלידרט איז טאָר מן אם שבת ניט אײַן דרעהן", לט 1, עב/ב. „בײַ ביידע זײַטן מילכוועג [האָט גאָט] אײַנגעדרייט די שטערן אין דער נאַכט", הר, אַדמס קינדער.

2. אײַנפֿלעכטן. א, די צעפּ. א, אַ סטענגע אין פֿערדס גריווע. א, בלומען אין קראַנץ פֿון גראָז און בלעטער. 3. מאַכן קרויזן, לאָקן. א, די האָר.

4. אײַנוויקלען, אַרומוויקלען. א, די כּלים אין שטרוי פֿאַרן אַוועקשיקן. א, ווערטזאַכן אין זײַדפּאַפּירלעך. 5. צונויפֿוויקלען. א, די פּאַפּירן אין אַ ראָלקע. א אַ באַל סחורה. א,

,

די דעקע (דעם ברעזענט, קאָץ אע). א, עמעצן ווי אַ בייגל — בײַם ראַנגלען זיך, בײַם שלאָגן זיך.

6. (שנײַדערײַ) אײַנבייגן, אײַננעמען. א, אַ ראַנד, זוים פֿון אַ קלייד און אָפּשטעפּן.

7. אָפּדרייען אָדער פֿאַרדרייען אַ ביסל, טיילוויַיז, ניט אינגאַנצן. א, דעם קראַן, דער שטראָם זאָל ווערן שוואַכער. א, אַ קנויט ניט צו פֿאַרניצן אַזוי פֿיל קעראָסין. א, דעם לאָמפּ. א, דעם קראַן פֿון סאַמאָוואַר און זיך אָנגיסן אַ גלאָז טיי.

8 פֿאַרקירעווען אין אַן אַנדער (אַ זײַטיקער) .

ריכטונג. "די בריטשקע טראָגט זיך מיט אַ געפּילדער איבערן אויסגעשטיינערטן וועג... [ער] האָט איַינגעדרייט אויף אַ זאַמדיקן וועג", אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. 9 פֿאַרשליסן. א,

.

דעם שלאָס.

1O. אַריַינפֿירן, אַריַינברענגען עמעצן אין אַן אונטערנעמונג אויף אַן אומדירעקטן אופֿן (מיט אַ דריידל, ניט־געזעצלעך, צום טייל בסוד). א, אַ חבֿר אויף אַ גוטער שטעל. א, אין אַ געשעפֿטל.

11. אָפּנאַרן בעתן חשבונען. "דער פּאַסטעך פֿלעגט אָנזאָגן, אַז מע זאָל אים קיין געלט ניט א', וויַיל ער פֿאַרדינט אַזוי שווער און ערלעך", מ. אחון, די צוויי שוועגער, ווילנע תּר,,ס.

12. איבערגעבן עפּעס בסוד, בשתיקה. א, אַן אַסיגנאַציע דעם אָדון אין יד אַריַין. א אַ

,

מתּנה דעם שטאָלצן יורד.

אײַנדרייען זיך — ← דפֿוו. צום בּ2: ,,[זי]

--

האָט זיך אײַנגעדרייט מיט בּיידע הענטלעך אין [דער מאַמעס] פֿאַרטעך", בּ. גאָרין, שפֿרה...., נ,,י 1910. צום בּ4: א, זיך אין דער קאָלדרע. "איך האָבּ... אײַנגעדרייט זיך אין שאַל און געויאַרט בּיז זיי אַלע וועלן צוגיין נאָענט", מ. רי קין, דער ווערליזשער בּלוט־בּלבּול, ווילנע 1914.

צום בּ8: "די מאַשין האָט זיך אײַנגעדרייט, געשניטן מיט בּראָדוויי", אָפּאַ, די טענצערין.

אויך: צונויפֿציִען זיך, ווערן קלענער, אײַנקאָרטשען זיך. א, זיך אין דדײַען, אין צענען. "ער האָט זיך אײַנגעדרייט אין דרײַען, זיך איבּערגעבּויגן איבּער דער אַלטער און די אויגן אײַנגעגעבּערט...", נ. לוריע, בּריקן בּרענען, כאַרקאָוו 1929.

־אונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). —ערײַ.

אײַנדרינגען

איינדריכנען — אוטוו ־כנע אײַן, ׳ י,,
גערדיכ—   .
נעט. דזוו אײַנשלאָפֿן. פּעיאָ.
אײַנדרילן — טרוו. דריל אײַן, ~גערדרילט.
 רגל: ,דרעלעווען. מיט אַ דריל מאַכן אַן
עפֿענונג, לעכל, זייער שמאָלן דורכגאַנג.
אײַנבויערן. א, אַ מונדשטוק. א, אַ בּורשטינען
שפּיצל.
אײַנדרילעווען — ← אײַנדרעלעווען.
אײַנדרימלען — אוטוו ־מל אײַן, ~
גערדרי—   .
מלט. אוקר, אָפּט ליטרש. פּפֿ: ~דרעמלען.
1. אײַנשלאָפֿן אויף אַ קורצער צײַט, מיט אַ
גרינגן שלאָף (ניט אין דער געהעריקער צײַט
און ניט אויפֿן געהעריקן אָרט). א, בײַ אַ
לעקי
ציע. ,,טיילמאָל פֿלעגט סאַטיע [יום־כּיפּור אין
שול] פֿאַר מידקייט א'", פּרץ, 'נסים אויפֿן ים'.
פֿון מידקייט קען איך ניט א'", חג, דער
מאַ,,
מעס שבּתים. 2. אַרײַנפֿאַלן אין ווינטערשלאָף
(וועגן חיות).
3. קומען צו אַ צושטאַנד וואָס איז ענלעך
צום שלאָף. ,,ס'דרימלען אײַן די בּרייטע

פֿעלדער, ס'וויגט זיך אײַן דער אַלטער וואַלד,,, סעג,
שטילע טרוימען, וואַרשע 1909. ,,דרימלען אײַן
די גרינע בלאָטעס,,, פּמ, 'זומער־וואָכנטעג'. ,,זיך
אײַנגעהערט צו דער א'דיקער אַרומיקער
שטילקייט‘‘, רעד, אַקש, זבֿ, דער וועג פֿון פֿאַראַט,
מאָסקווע 1932.
4 פֿאַרבלײַבן פּאַסיוו אין אַ צושטאַנד פֿון
.
ניט־רעאַגירן. אויפֿהערן זײַן טעטיק. ‘‘דער
פֿאַראיין דרימלט אײַן, שוין אַ יאָר צײַט ניט
געהאַט קיין פֿאַרזאַמלונג‘‘. ‘‘אַן עדה... לאָז...
אַזוי מיאוס א,... וואָס טוט זיך... בײַ זיי אין
די מוחות‘‘, ח. י. בונין, חבֿ‘‘דיש, לאָדזש 1938.
5. פֿיג. זיך ניט באַוועגן פֿאָרויס אין קולטורעלן
לעבן. צוריקשטיין. א', בלײַבן בײַ די
עלטערזיידעס. ־ונג. ־עניש. —ער.
אײַנדרינג — דער, ־ען. אַקט פֿון
אײַנדרינגען פּרגל אײַנדראַנג. אַ האַסטיקער (
פֿאַמעלע.
כער) א'. אַ באַרעכטיקטער (חוצפּהדיקער) א'.
אײַנדרינגלעך — אַדי 1. וואָס דרינגט אײַן.
וואָס קען אַרײַנדרינגען. א'ער באַווײַז. 2. וואָס
באַשטייט אויף עפּעס מיט כּוח (מאָראַלישן
אָדער פֿיזישן). ‘‘ער האָט א', שאַרף און מיט

מאָראַלישן ציטער אין וואָרט געמאָנט בײַ דער
וועלט", ש. ביקל טמז, 16 1963 III. ־קייט.
איינדרינגלער — דער, ־ס. 1. ווער עס
--
דרינגט אײַן, קומט אַרײַן אָן הסכּם (קעגן
ווילן) פֿון בעל־הבית פֿון דעם אָרט. אַן
אומפֿאַרשעמטער א'. „דער א, קומט ניט מיט קיין
אַנדער צוועק ווי נאָר אַרויסצורײַסן דאָס שטיקל
ברויט פֿון זייער מויל", זשיט II י, נ"י 1917.
2. ספּעצ פֿאַרכאַפּער, אָקופּאַנט. די פּאַראַזיטישע
א'ט.
אײַנדרינגען — אוטוו. דרינג אײַן, ה אָ ב, אויך
ב י ן, ~געדרונגען. 1. אַרײַנדרינגען,
אומגעבעטענערהייט אַרײַנקומען (בהדרגה אָדער
מיטאַמאָל, אויך מיט כּוח). "... ווען עס הייבן אָן
אײַנצודרינגען בײַ אים נײַ־מאָדנע אידייען„,
בעם III. „דו האָסט אין מײַן הייליקטום פֿרעך
אײַנגעדרונגען„, מר I, 'די פֿאַרפֿירטע'. „אַ בוים

אײַנדרינ(ד)זשען

מיט דעם גאַנצן אַרומעט האָט לאַנגזאַם אין
האַרץ אײַנגעדרונגען", םעג, אַ בוים פֿון פוילן,
ב"א 1945.

2. טיף אַרײַנטראַכטן זיך, דערגיין צום תּוך, צום עיקר. א, אין אַן ענין. א, אין אַלע פּרטים פֿון אַ פּראָבלעם. „ווער איז דער קענער וואָס זאָל קענען א, אין דאָס הערץ דער מענער“, אמד, דאָס גרויסע געהיימניס, ווילנע 1887. „די חכמי־התלמוד וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אַזאַ שאַרפֿן, אַזאַ א'דיקן אַנאַליז, ווי כּמעס קיינער ניט נאָך זיי„, קאָר 3 .I. איבּעררעדן.
איבּערצײַגן. זיך שטאַרק מיִען אַז אַ צווייטער זאָל אָננעמען אַ געוואונטשענע מיינונג, שטעלונג אע. „ווערט ער מלא כּעס און וויל מיר א',
אַז געלט איז אַ שחיטה פֿאַר דער וועלט“, שע, ט▯יה.
4. אויך טרוו. אַרכ. דריקן, אויפֿדריקן. צודריקן. אויפֿדרינגען. מאַכן עס זאָל אַרײַנדרינגען. “צווישן דיא (כּרובֿים) האשׂטו דײַן שכינה אײַן גדרונגן“, מחזור ר“ה ויו“כּ, הומבּורג 1721. „ווען איינר אײַן וויל דרינגן צו בּיצאלן אודר... בּיצאלט זײַן“, שעריר, טו, 10.
—ונג. —עכץ. ־עניש. ־ער (—ין, ־קע) — “בּאַזיצן [די נעסטן] אויך אַ גרויסן חסרון: זיי זענען נישט געשיצט קעגן א,,,, ש. בּלום, דער בּוים פֿון לעבּן, נ„י 1931.
איינדרינ(ד)זשען — טרוו. ־(ד)זשע אײַן,

--

~געדרינ(ד)זשעט. 1. אײַנטרייסלען מיט געקלינגערײַ, קלאַפּערײַ. א, שרויט אין אַ גלעזערנער כּלי. 2. אײַנשפּילן מיט אַ קלאַפּערײַ, אומהאַרמאָניש. א, מיטן קלאַפּ־אָרקעסטער אַ שטיקל מאַרש ־עכ ן ־עניש.

. .

איינדריסקען — טרוו ־קע אײַן, ~ געדריס־ .

קעט. דזוו אײַנדריזגען. א, די קאַפּאָטע מיט צואה, כ'בעט איבער אײַער כּבֿוד. מיט ז י ך.

־עכ ן. ־עניש.

איינדריפּען — טרוו. ־פּע אײַן, ~געדריפּעט.

-

אײַנשפּריצן מיט אומריינס. אײַנפּאַסקודיען. א, דעם אייבערשטן מלבוש. מיט ז י ך. ־עניש.

איינדריק — דער, ־ן. אַקט פֿון אײַנדריקן.

--

סימן וואָס בלײַבט נאָכן אײַנדריקן. סליאַד, פֿאַרטיפֿונג פֿרגל אײַנדרוק. „די מסירות...

—

.

האָט... אַ גרויסן א, [= אײַנדרוק] געמאַכט“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817.

איינדריקלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען

אײַן־־
דריקן. א'ע שטאָפּן. זיצן אויף אַן א'ן געזעס.
2. וואָס מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק.
אײַנדרוקספֿול. אַרויסברענגען עפּעס אויף אַן א'ן אופֿן.
אַן א'ע דעמאָנסטראַציע. „און פֿרויד גיט צו
פֿאַרשטיין אין פֿאַרשיידענע ווערק זײַנע אויף
זייער אַן א'ן אופֿן", מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט. ־קייט.
איינדריקן — טרוו. דריק אײַן, ~געדריקט.
--
1. אַרײַנדריקן, אַראָפּדריקן. צודריקן. א, דעם
קאָריק אין פֿלעשל. "דם נדות צו פֿר שטעלין...
נעם שפּיגונאַרד אייל אונ, טונק אײַן וויניג
בוים וואָל אַניין אונ, ליג עז איר אויף איר
נאבּיל אונ, דריק עז מיט דען פֿינגר אײַן", סור,
כה/ב. „די בוכשטאַבּן פֿון דער פֿאָרעם זאָלן...

1135

גוט א'", ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844.
„... ווי דא אײַן דריקט דער וואַגן דער דא
פֿול איז מיט ג[אַ]רבּן„, סהמ, עמוס, ב, 13.
2. אײַנקוועטשן. מאַכן עס זאָל פֿאַרנעמען
ווייניקער שטח, קלענער אין פֿאַרנעם, אין

אַרומנעם. א, פֿוך אין זאַק. א, היי. שאַטקעווען
קרויט און א, אין פֿעסל. א, זאַכן אין
טשעמאָדאַן. „עס איז שעדלעך צו טראָגן אַ רימען
אַנשטאָט שלייקעס, ווײַל אַ רימען דריקט אײַן
דעם מאָגן און די געדערים„, דר, מ. גאָטליעב,
פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע 1908.
3. אַראָפּזעצן. אײַנלייגן בלויע אַגדעס און
י

זיי א,.
4. אַרײַנקוועטשן, אַרײַנשטעכן, אַרײַנקלאַפּן.
א אָ דרענגל אין דער ערד. 5. אַרײַנשפּריצן
,
דורך קוועטשן. א, אַ לימענע אין וואַסער (טיי
אע).
6. מאַכן עס זאָל בלײַבן אַ סימן, צייכן,
סליאַד. אײַנקריצן. א, דעם שניי מיט די שטיוול.
„אין דעם גראָז נאָר דעם צעקוועטשטן, אין
די רויטע יאַגדע־צווײַגלעך, זיך געזען האָט זײַן
געלעגער וואָס זײַן קערפּער אײַנגעדריקט האָט„,
יהואָש, ה. אַוואַטאַ. „אַנדערשוואו האָבן די
אײַזמאַסן אײַנגעדריקט טיפֿע טאָלן אין דער ערד....„,
דא פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ פֿיג. „דעם
,

צו הערר דיא זאַך רעכט אײַן צו דריקן אין זײַנם גדעכטניס,,, אבֿן י▯Iראל, מעץ 1766, יט/ב.
7. האַלטן פֿעסט און דריקן אויף עפּעס.
,,מיט די שפּיץ פֿינגער האָט ער אײַנגעדריקט דאָס הענטל און גענומען זיך צו דער אומגעווײנלעכער אַרבעט“, פֿאַר'ן זונאויפֿגאַנג, זשענעוו 1904.
8. אײַנצוימען. מיט כּוח (מאַכט) דערדריקן. א, דאָס פֿאָלק וואָס וויל רעפֿאָרמען. א, דעם פֿרײַען געדאַנק.
9. ווירקן, משפּיע זײַן. אײַנפֿלאַנצ▯ אַ מידה. מאַכן מע זאָל געדענקען. א אַ ▯עבאָט אין
,
האַרצן. ‘‘יעדער פֿאַרפֿאַסער זוכט נאָר צו דערוועקן און אײַנצודריקן גוטס פֿאַרן צווייטן,,, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. ,,אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ, יוסף, משה, — נעמען וואָס מײַנע רעבייס האָבן זיי אײַנגעדריקט אין מײַנעם צאַרטן הערצן“, אמד, דער סאַלדאַטשקע סין, 187▯.
1O. (אײַנבינדערײַ) אײַנפּרעסן. א, די געפּאַפּטע ביכער.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ▯ן. ־עניש. ־ער

(־ין, ־קע). ־ערײַ.
אײנדריקעווודיק — אַדי. 1. וואָס מע קען
--
אײַנדריקן. אַן א'ע ספּרונזשינע. אַן א'ער וואָגן
היי. 2. אײַנדרוקספוֹל [?]. „אין אַ גאַנץ א'ער
מאָס משפּיע דעם אויסזען פוֹנעם ייִדן“, אאר,
פֿאָלקטגײַסט אין דער ייִד, שפּראַך.
אײנדרעלעווען — טרוו. ־לעווע אײַן, ~
גע־.
דרעלעוועט. פּפּ: ~דרעליעווע. אויך:
י.,דרעלן. פּרגל ~דרילן. 1. אײַנבויערן,
מאַכן אַ לאָך (מיט יעדער מין מכשיר) א, מיטן
בויער לעכער אין וואַנט. 2. פּיג. אַרײַנקלאַפּן.
א, די נאַרישקייט אין קאָפּ אַרײַן.

אײַנהאַבעווען
אײַנדרעמלען — אוטוו. ־מל אײַן, ~
געדרעמלט. לד, פּר. פּפּ: ~דרימלען ←. צום ב1:
“זי האָט ניט געדענקט וואו זי האָט
איבערגעלאָזט אין דער הגדה איידער זי האָט
אײַנגעדרעמלט“, חג אַטלאַס. “די האַנט פוֹן אַ
שטרענגן מדריך וואָס לאָזט ניט אויף אַ רגע
א'“, בעמ III. „דער קעניג שטייט אויף... ניט

שלאָפֿן, ניט א, קען ער״, יהואָש, ,לא ינום ולא
יישן...'. ״דרעמלט דער איבערפֿירער אַמאָל
שבת נאָכן מיטאָג. . איַין״, אַש, אַ שטעטל.
צום ב2: ,,אַזוי ווי עס ווערט נאָר קאַלט אין
דרויסן פֿאַרזאַמלען זיך די פֿלעד רמיַיז...
,
אין זייערע נאָרעס און דרעמלען איַין״, איבז,
בילדער פֿון טהיער־לעבען, ווילנע 1898
צום ב3: ,,אָוונט־פֿענצטער דרעמלען איַין
פֿאַרשלאָפֿענע, ווערט דער זונפֿאַרגאַנג די
פֿענצטער,,, אַל I, ,ניו־יאָרקער פֿאַרנאַכטן'. ״
פֿאָמידאָרן, מיט בעקעלעך רויטע, זיי דרעמלען שוין
איַין אויף די שטענגעלעך דינע״, א. בראַנפֿמאַן,
סאָוו, היימלאַנד, 2 1961, No.
איינדרענגען — טרוו. דרענג איַין, ..־,
גע־־
דרענגט. פד. אַריַינקוועטשן. מאַכן ענג. א,
עמעצן. א, זאַכן אין אַלמער.
איינדרעסירן — טרוו ־סיר איַין, י.,(גע
דרע—
סירט. איַינלערנען צו זיַין דרעסירט.
איַנדיסציפלינירן. א, אַ הונט. א, די זעלנערס. אויך
מיט ז י ך. —ונג.

איינדרעפּטשען — אוטוו & טרוו ־טשע אײַן,
—
.
~געדרעפּטשעט. 1. אײַנטרעטן. א, די (אין
דער) בלאָטע. א, ליים. 2. אײַנבּרודיקן. א, די
קאַפּאָטע.
איינדרעקן — טרוו. דרעק אײַן, ~געדרעקט.
--
1. (גראָב) אײַנשמירן מיט צוֹאה, מיט קויט.
פֿאַרבלאָטיקן. א, די שטוב, די קליידער.
2. (גראָב) במקום־ווערב פֿאַר אַ שלעכט־
דורכגעפֿירטער טואונג. זיך צורירן צו עפּעס און
עס גלײַך א'.
איינדרעשן — טרוו. דרעש אײַן, ~געדראָשן
-
(~געדרעשט, פּר). 1. אויסדרעשן (←) אַ
טייל. א, דאָס גערעטעניש. 2. בײַם דרעשן
אָנווערן אַ טייל. א, אפֿשר אַ צענט־חלק.
3. אײַנלערנען, אײַנהאַמערן, אַרײַנקלאַפּן אין
קאָפּ. „ער האָט אַ האַרטן קאָפּ, און די
פּשוטסטע זאַך מוז מען מיט אים א'“. מיט ז י ו ,
בּ .
איינדרשהדיק — אַדי. וואָס קען נאָר איין
דרשה. אַן א'ער מגיד.
איינדרשנען — [.... דאַרשענען] טרוו. דרשן

-

אײַן, ▯.־,געדרשנט. 1. אײַנטײַטשן, אײַנפֿשטלען. א, פּיתום און רעמסס אויף (אין) אַ פּשוטן פּסוק. 2. אײַנטענהן, אַרײַנרעדן. אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ. א, די גרויסע מעלות פֿון זײַן פּאַרטיי. ~דרשעניש.

איינהאַבעווען — טרוו ־בעווע אײַן, ▯,

געֿ— .

האַבעוועט. פֿאַרמאָגן, אַרײַנבאַקומען מיט אַלע מיטלען (פֿאַרקוקנדיק יושר, דאָס אייגענע געזונט אאַ). "דאָס איז דער סוף פֿון מענטשן, וואָס האָט געוואָלט אײַנשלינגען, א, די וועלט", ח. פּעט, אַ הויז אויפֿן פֿעלד.

אײַנהאָדעווען

איינהאָדעווען — טרוו. ־דעווע אײַן, ~

געהאָדעוועט. האַלטן בהמות, היימישע עופֿות אע אויף אינטענסיווער האָדאָווליע, אויף פֿלייש. א, גענדז אויף חנוכּה. אויך מיט ז י ך.

איינהאַדען — טרוו ־דע אײַן, ~געהאַדעט.

-

פפֿ: י.,,האַדזיען, ~האַדזשען. מאַכן
עקלדיק. שטאַרק אײַנבּרודיקן. א, עפּעס מיט דרעק.
"מיט די אַלע מיאוסע סודות וועגן... האָט
ער אים אײַנגעהאַדעט אין מײַנע אויגן", רייד
(וורר). געניצט אויך אומפּ: ,,ס'האָט אים
אײַנגעהאַדעט אויפֿן האַרצן". אויך מיט ז י ך.
־עניש.

אײַנהאַוועןנע)ן — אַקוזוו. האַוועאײַן, ~
געהאַוועט. 1. דזוו אײַנהאַבּעווען. 2. אײַנרײַסן
וועלטן, האָרעווען איבּער די כּוחית (נתעשר
צו ווערן, צו בּאַקומען כּבֿוד). *א אַ ו ו ע ל ט
,
= אײַנשלינגען אַ וועלט.

איינהאָטיען — → אײַנהויטען.
־

איינהאַלבּירן — טרוו. ־בּיר אײַן, י.,
געהאַל־
בּירט. אײַנטיילן אויף (אין) צוויי. בּכלל
אײַנטיילן. א, אַן אָרעמע פּאָרציע בּרויט. א, אַ
דירה אר צוויי משפּחות ־ונג.
־
.
איינהאַלדזן זיך — אוטוו. האַלדז זיך אײַן,
־

זיך ~געהאַלדזט. אײַנליבן זיך, אָנהענגען זיך
אָן עמעצן, אים ניט אָפּלאָזן פֿון זיך. א, זיך
אין אַ שיינהייט.

איינהאַלט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

פּראָ .

צעס פֿון אײַנהאַלטן. פּלוצעמדיקער א, אין אַ
גיכן לויף־פֿאַרמעסט. 2. אָפּהאַלט, שטערונג.
א, אין אַן אַנטוויקלונג. „... דאָ ווערט
געטאָפּלט דער שטאַרקער א, פֿון דעם אומלויף...
דאָ קומט די פּלאָגונג", א. פּאַוויר איבז, בחינת
עולס, ווילנע תר״ך.

אײַנהאַלטן

— טרוו. האַלט אײַן, ~געהאַלטן.

-

1. האַלטן (מיט אַ האַנט, מיט ביידע הענט)
און ניט אָפּלאָזן. האַלטן מיט כּוח. א, די שטריק
בײַם קלעטערן. א, מיט ביידע הענט אַ משׂא.
״באַדאַרף מען נאָכלויפֿן נאָכן וואָגן, א, די
לייצעס״, שע, טביה.

2. האַלטן עס זאָל ניט פֿאַלן. או'נטערהאַלטן.

ניצן קראַפּט. א, דעם אײַזערנעם שטאַנג אויף די פּלייצעס. א, די הויזן מיט אַ גאַרטל, מיט שלייקעס און מיט אַ האָקן אין זײַט־מיר־מוחל. "די צעשפּאָלטענע ווענט קענען ניט א, דעם דאַך".

3. טאָרמאַזירן. אָפּשטעלן מיט כּוח. א, די פּערד וואָס לויפֿן בּאַרג אַראָפּ. "דער ייִדישער -

גיבּור זישע בּרייטבּאָרד האָט מיט די ציין אײַנגעהאַלטן דעם פֿאָרנדיקן אויטאָמאָבּיל"..

4. האַלטן כּסדר, אַ לענגערע צײַט. א, די געשוואָלענע האַנט אין קאַלט וואַסער. "אָבּער עס מעג אַזוי הייס ווערן בּיז מ'זאָל קיין פֿינגער ניט קענען א, דרינען", לט2, סו/ב. א, אַ סוד = ניט אויסזאָגן.

5. אַנטהאַלטן. האַלטן עפּעס אין עפּעס. דאָס פֿעסל האַלט אײַן פֿינף עמער. "[גאָט] דער וואָס האַלט אײַן אין דיר דײַן נפֿש", מס, משלי תּקע"ד, כד, 12. ‏ער איז די כּלי פֿון גאָט און

ווען די כּלי וועט זיך חלילה צעבּרעכן, ווער

וועט א, גאָטס מידות“, אַש, תּהילים־ייִז.
6. אויפֿהאַלטן. לאָזן אין דעם זעלבּיקן מצבֿ.
מאַכן עס זאָל ווײַטער זײַן, בּלײַבּן. א, אין
זכּרון = געדענקען. א, דעם בּאַלאַנס. „אַ
פֿליסיקייט האַלט נאָך אײַן איר זעלבּשטענדיקן
פֿאַרנעם, אָבּער קיין זעלבּשטענדיקע פֿאָרעם
האָט זי ניט“, מ. זאַבּלודאָווסקי, יזיקע...,
בּ אַליסטאָק 1929. „שבּת זאָל זײַן, שבּת! מיט
,
צוואַנגען האַלט איך שבּת אײַן„, פּרץ, ,די
גאָלדענע קייט„.
7. זען עס זאָל בּלײַבּן ווי עס איז, אָן
שינויִם. א, די מאָס פֿון קלייד. „איך טראָג קליידער
צוועלפֿער. איך וויל עס א'“, רייד (נ“י). א, די
מאַכט. א אַ פּאָזיציע, אַ שטעל. א, דעם ניוואָ
,
פֿון לעבּן. א, דעם סטאַטוס־קוואָ. א, דאָס
בּענקל = אויפֿהיטן די (קהלשע) פּאָזיציע. א,
די קרוין = בּלײַבּן אויפֿן טראָן (א, דעם טראָן).
א, דעם געוואונענעם פֿרעסטיזש. א, די
געשעפֿטן אין דעם איצטיקן מצבֿ. א, דעם יוגנטלעכן
רייץ אויך אין די דרײַסיקער יאָרן.
8. אָפּהאַלטן פֿ ו ן טאָן עפּעס. א, פֿון קויפֿן,

פֿאַרקויפֿן אאַזוו. א, מחלל שבת צו זײַן. א, פֿון קאָרטנשפּילן, פֿון אַ געשלעג. א, פֿון אָפּטאָן אַ נאַרישקייט. ,,אבֿר אין קיגן טייל, ווען איר ווערט האבֿן קיין אײַל אונ, ווערט מיך לאזין וואַרטין, ןוא ווער מיט דרוקן אײַן האַלטין", 'שיני אַרטליכי גישיכטין', אַמשט תּע,,א [ייִבֿל 5 ,XIII־ב]. ,,קיין היץ אָדער קעלט, אָדער שטורעם פֿון דעם ים וועט אים ניט א אַז ער זאָל

,

ניט גיין אין ווײַטע וועגן", חה, קצד. *א, דעם מת = ניט לאָזן אים מקבֿר זײַן.

9. אַפּלייגן אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדער צײַט. מעכּבֿ זײַן. א, דאָס עפּענען די פֿאַרזאַמלונג אויף אַ האַלבער שעה. "וואָס סטראַשעט ער מיך? ער וועט א, משיחן?,, פֿוול. "זא

,

מוז ער... רידן מן ז[אָ]הל המשפּט של מאיר הנ"ל נאָך אײַן האַלטין", 'כ"י בֿון מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III].

1O. בּטל מאַכן. א אַ גזירה. א אַ שלעכטן

, ,

פּסק־דין. ,,די תּפֿילה וואָס איך טו מיט מײַן האַלדז זאָל א, דעם שלעכטן דין", מחזור לראש

השנה, סלאַוויטע 1832, מב/ב.

11. אינגאַנצן אָפּשטעלן אַ באַוועגונג.

אינגאַנצן פֿאַרהאַלטן וואָס פֿליסט. א, דעם בלוטשטורץ. א, דעם שטראָם מיט אַ דאַמבע. „גאָט, האַלט איַין דעם שטראָם, לאָז שטיל ויערן דער ווינט“, עט, לידער. „אויב אַ קינד בלוטיקט נאָכן מל זיַין, קויפֿן אין אַפּטייק איַיזנטראָפֿן... אויף איַינצוהאַלטן בלוט„, טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, לאָדז, 1910? “די רעגירונג האָט געזען איַינצוהאַלטן דעם שטראָם, דעם אָנדראַנג פֿון די ניַיע געסט [= אימיגראַנטן]“, יי□אָל, 25 l885, No. „האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דער מאַמעס פּנים גייט ערגעצוואו אַוועק, עס האַלט אין איין גיין און קיינער קען עס ניט א'“, אַש, חהי□יס־ייִד.

12 פֿאַרפּאַמעלעכן; טיילוויַיז אָפּ□טעלן. א,

.

דעם אימפּעט. א, די כוואַליע פֿון פֿאַרברעכנס, דעם שטראָם פֿון הפֿקרות. א, דעם טעמפּאָ. א,

אַיַנהאַלטן

די פּראָדוקציע. א, דעם פּראָגרעס, דעם גאַנג

פֿון געשיכטע. "גאָט זאָגט האַלט אײַן די
קוויטלך אייא [= איידער] עשׂ איז גיחתמנת,,, תּיקון
שלש משמרות, אָרט? תּקנ"ט. ,,בּנימין האָט
געמוזט צוליבּ טאָן סענדערלען און א, אַ בּיסל
דעם גאַנג", ממוס, מסעות. ,,אײַנצוהאַלטן דם
נידה... נעמען דרײַ גוטע רויטע קרעלן...
זיי צעשטויסן דין אויף מעל. דאָס פּראָשיקל
זאָל מען אויסמישן מיט אַ גלעזל רויטווײַן,
און די אשה זאָל דאָס אויסטרינקען...
ניכטערנהייט", טאַרלער רבּי, סגולות ורפֿואות,
לאָדז, 1910?

13. ניט דערלאָזן עס זאָל פֿונקציאָנירן. א,
די א ד י ג ן און ניט קוקן. א, די ה ע נ ט
און ניט אָנרירן, ניט דערלאַנגען אַ פּאַטש. ,,ניט
א, די ה אַ נ ט אין געבּן צדקה", פּוקח־עורים,
נ"י תּ"ש. א, דעם פּ י ס ק — שווײַגן, ניט
אָפּענטפֿערן. א, די צ ו נ ג. "בּישׂטו שולדיג...
דײַן צונג אײַן צו האַלטן", חה, אַמשט 1716,
קמח/א. ,,דאָך מוז מען די צונג א'... דען די
הייליקע גמרא זאָגט: אַל יפֿתּח אָדם פּה לשׂטן",
מ. מ., דער פֿאַלשער אליהו הנ יא, וואַרשע
תּרס"ג. א, די ט ר אַ כ ט , די פֿרוי זאָל בּלײַבּן
אַן עקרה. *א, די מ י ל ך — א) ניט לאָזן
אָפּצאַפּן פֿון דער בּרוסט; בּ) ווירקן אַז עס זאָל

ניט זײַן קיין מילך אין בּרוסט. „די הויכע טעמפּעראַטור האָט איר אײַנגעהאַלטן די מילך"... *א, דעם אָ ט ע ם — א) אָנשפּיצן זיך, גרייטן זיך צו עפּעס אומגעווײנלעכס (געוויינלעך, סכּנה). „די גאַנצע ייִדישע וועלט האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם בּעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה", רייד (נ"י). „די גאַס האָט אַזוי ווי אײַנגעהאַלטן איר אָטעם און האָט אויף עפּעס בּאַדײַטנדעס געוואַרט", אַר, 'פֿאַרשטעלטע מיליאָנערן'; בּ) זען מע זאָל ניט בּאַמערקן, ניט דערהערן. גיין אויף די שפּיצן פֿינגער און א, דעם אָטעם. "אונדזערע פֿאַרשוינען האָבּן זיך צוגעטוליעט צום פּלויט, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, געלעגן שטיל", ממוס, מסעות.

14. דערדריקן, אײַנהאַמעווען אַ געפֿיל. צוריקהאַלטן פֿון עפּעס וואָס מע וויל. א, דעם וועלער, דעם חשק אע „מע קען א, אַ תּאווה, אָבּער ווי לאַנג וועט איר זי צוריקהאַלטן?". „מע זאָל געוועז זיי צולאָזן אַזוי געך צום עסן, העטן זיי... אַלע ראַפּטאָם געשטאָרבּן. מע האָט זיי אָבּער אײַנגעהאַלטן, זיי זאָלן זיך ניט מיטאַמאָל זאַט אָנעסן", חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח, בּאַרדיטשעוו 1817. *א, די נערוון = זיך בּאַמיִען צו בּלײַבּן רואיק.

15. אינגאַנצן דערשטיקן (אַ געפֿיל). א, די תּאוות, דעם יצר־הרע. „אַז מע האַלט אײַן דעם כּעס, האָט מען עולם־הבּא“, שוו. „דער טעם וואָס איז מחייבֿ אַז מע זאָל פֿאַרשליסן און א, דאָס גלוסטקייט פֿון דעם לײַבֿ, דאָס ווערט געטיילט אויף צוויי חלקים...“, חה, ב, 264. „בּשעת דעם זינדיקן האָט ער געקענט א, זײַן יצר, נאָר ער פֿאַרלאָזט זיך אין האַרצן אויף תּשובֿה“, תּניא, רו. „געדענק, ווען אַבֿרהם אָבֿינו האָט זײַן לינקע האַנט בּאַגריפֿן אָן דעם האַלדז פֿון יצחק און... האָט אײַנגעהאַלטן זײַן

רחאײַנהאַלטן

מנות, — אַזוי קער זיך צו דערבּאַרעמען איבּער אונדז און א, דײַן צאָרן“, □רה בּו□ טו□יס, תּחנה שלשה שערים, ווילנע 1864. „איך קען מער אין מיר שוין מער נישט א', איך מוז שטילערהייט אַמאָל כּאָטש דאָס האַרץ אָפּריידן“, ממוס, דאָס קליינע מענטשעלע.

16. צוריקהאַלטן. ניט אַרויסבּרענגען (וואָס מע דאַרף ניט זאָגן). ניט אַרויסווײַזן קיין געפֿיל, איבּערלעבּונג. אַ געהיימער כּוח האַלט מיך אײַן. א, דאָס ווײנען, די טרערן. א, אין זיך

די רציחה, דעם צער, די צופֿרידנקייט אע פֿון

,, .

מײַנע אויגן טוען טרערן פֿליסן, כ'קען ניט א,
מײַן געוויין,, פֿל. ,,דאָס מויל פֿון אַ נאַר קען

,

נישט א, זײַן אייגענע מפּלה'', מס, משלי
תּקע''ד, י, 14 פֿון דעמאָלט אָן קען איך ניט

 .

צוטרעטן צום טאַטן ווי אַמאָל. עפּעס האַלט
מיך אײַן,,, פרץ, 'דאָס קראַנקע ייִנגל'. ,,די גאַל
ווערט מיר צעזעצט, איך קען ניט א, דעם
פּראָטעסט''. ,,די מחשבֿה האַלט אײַן די שׂמחה און
פֿאַרשליסט זי אין האַרצקאַמערן,,, חכמת מהר''ל,
פּיעטריקאָוו תּרע''א.
17 פֿאַרהאַלטן עמעצן. אַרעסטירן. א, די

.

פֿאַרדעכטיקע פּאַרשוינען.
18 פֿאַרהאַלטן עפּעס, ניט געבֿן, ניט צאָלן.

.

אַראָפּרעכענען בײַם צאָלן. א, מיטגליד אָפּצאָל.

-

א, דעם משכּון. א, אַ טייל שׂכירות. א, אַ חובֿ.
א, די לעצטע ראַטע. קיינר האָט דיא מאַכט...
אײַן צו האַלטן... וואשׂ גאָט האָט איינם אויף

גיליגט דז ער זאָל פֿון איין אַנדרן האבן,,, חה, אַמשט 1716, פּ/א   פֿון דעם געלט, וואָס די
. ,,
פֿאַבריקאַנטן צאָלן אויס די אַרבעטער, זאָל מען א, צוויי פּראָצענט און פֿון דעם זאָל מען שטיצן די אַרבעטער וואָס בלײַבן אָן אַרבעט", ייִפֿאָל, 1884, No 17. *א, די מ אָ ס (ו ו אָ ג) =
אויך: ניט געבן די ריכטיקע מאָס, וואַג. ,,מיט די פֿינגער די מאָס א',,, מסדר אגרת, ווילנא והוראדנא, תקפ"ה.

19. ניט אויסגעבן. אײַנשפּאָרן. אָפּלייגן אויף שפּעטער געלט, פּראָדוקטן. א, דעם גראָשן מיט די ציין. א, די כשר־פֿאַרדינטע זלאָטע. א, די הוצאָות. א, סחורות, אַקציעס, ביז זיי וועלן שטײַגן. ,,וואָס זאָלן טאָן די קלייטניקעס...
אַז זיי דאַרפֿן צוזען ווי מענטשן קענען א, בײַ זיך אַ רובל, עס זאָל ליגן בײַ זיי אויף דער שלעכטער צײַט,,, ש. בעקערמאַן, די קאָרטןוואַרפֿערקע, אַדעס 1888.

2O. צוהאַלטן דעם אינטערעס, די אויפֿמערקזאַמקייט. צובינדן. צוציִען. א, די שפּאַנונג. א, דעם עולם, די צוהערערס. א, די חבֿרים פֿון דער אָרגאַניזאַציע. א, די קינדער בײַ ייִדישקייט. ,,איך האַלט אײַן זייער אומגעדולד אַז זיי זאָלן

אויסוואַרטן ביז איך וועל זיי דערציילן,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

21 פֿאַרהאַלטן נאַטירלעכע באַדערפֿעניש.

.

א, דעם מאָגן. נעמען ביטערוואַסער אײַנצוהאַלטן די ד אַרייע. ,,ווען עס פֿירט [דעם חולה]

י

שטאַרק אָפּ, זאָל מען אים געבן אַ רפֿואה אײַנצוהאַלטן'', א שפּערלינג, ליקוטיס II, לעמבערג תּרס''ט. ''ווער עס האָט שלשול און ער לייגט

אַרײַן דעם מישקאַטנוס אין ביר אַ□ײַן כדי

1137

דורך דעם א, דעם שלשול... מאַכט דערויף אַ ברבה בורא פּרי העץ'', הרבֿ ש. ז. שניאורסאָן, ספֿר ברכות הנהנין, וואַרשע 1874. ,,... קאָנען נישט א, די אורין... מאַכן וואַנעס פֿון וואַרעם וואַסער, אין וועלכע עס איז געקאָכט געוואָרן אײַזן פֿון דער אַפּטייק'', טאַרלער רבי, סגולות ור□ואות II, לאָדז, 1910?

22. אַרכ. אַנשטאָט אײַנהאַלטן ז י ך. ''אַלי צײַט זאָל דער מענש אײַן הלטן מיט זײַן עסן און, טרינקן,,, עח, יג/ד.

23. האַלטן אויף זיך; האַלטן אין אַ גלײַכגעוויכט. א, אויף די פּלייצעס דעם אַקראָבאַט. א, די געוויכטער.

אײַנהאַלטן זיך — ← דפּוו. 1.

צוריקהאַלטן זיך. באַהערשן זיך. ניט טאָן לויט אַן אימפּולס. א, זיך מיט די לעצטע כּוחות. א, זיך פֿון אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער. „איבער דעם וואָס דו האָסט זיך ניט אײַנגעהאַלטן איין טאָג און האָסט געגעסן דעם עפּל, איבער דעם האָסט אָנגעוואָרן", נחב, 'מעשׂה מאַבֿידת בת מלך',. „האָט זיך ניט געקענט א, און איז געקומען אין דיזער שטורעמדיקע נאַכט", אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868. „דאָ האָב איך מיך ניט געקענט א, און האָב איר אויפֿגעוואָרפֿן אַ פּאַטש", קמ, 23 1868, No. „האָט ער זיך ניט געקענט א, פֿאַר געוויין און האָט אָנגעהויבן זייער וויינען און שרײַען", נצ2, לח/א.

2 פֿאַרשווײַגן, ניט דערציילן, ניט אַרויס.

געבן זיך. ניט אַרויסווײַזן אַ געפֿיל. זיך ניט א, און שטעלן אַ פֿראַגע. זיך ניט קענען א, און אַרויספּלאַצן. זיך ניט א, און אַרויסקומען מיט אַ טענה. „בײַ מיר איז אָבער געווען אָפּגעמאַכט א, זיך ווי ווײַט מעגלעך, ניט אָנרופֿן

זיך מיט אַ וואָרט", ממוס, ספֿר הבהמות. „ער האַלט זיך אײַן און שמייכלט מיט אַ פֿאַסקודנע געמאַכט שמייכעלע„, שע. „ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און זיך געוואונדערט ווי [דאָס] וואַלדקינד האָט געענפֿערט„, קינד אין וואַלד, לעמבערג 1891. „איך בין געווען אין אַזאַ גרויסער התפּעלות, אַז איך האָב זיך ניט געקענט א, און האָב דערציילט דעם טאַטן", לדב, נ„י תשי"ז.

3. גובֿר זײַן אַ שטאַרקן באַגער, אַ גלוסטונג, אַ תּאווה. „העט זיא זיך אין גיהלטן ביז נאָך די חופּה, ווער זיא ניט גיקומן צו חרפּה„, עיון, סג/ב. „יעדער מענטש קען מיט זײַן רצון... זיך א, און געוועלטיקן איבער דעם רוח פֿון זײַן תּאווה", תּניא, לבֿ. "מישקע־לעבן, האַלט זיך אײַן! — אוי, מאַשקע־לעבן, איך שטאַרב", לאַט, מישקע "האָסטו מיך ליב — קום אַרײַן, ווילסטו אַ גבֿירינטע — האַלט זיך אײַן„, ש. גאָרשמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 1962, .No 1

4. צוימען זיך בײַם ברעכן אַ געוואוינהייט, בײַטן אַ פֿירונג. א, זיך פֿון רייכערן פֿון

,

טרינקען.

5. שטאַרקן זיך, ניט אונטערגעבן זיך, איבערקומען. א, זיך אין אַ באַלאַגערטער שטאָט.

‟ווען איינעם קומט אָן אַ געוויין א□ם שבת, און אַז ער וועט זיך א, ניט צו וויינען וועט עס

איַנהאַלטעוודיק

אים זיַן אַ צער — מעג ער וויינען שטילערהייט‟, לט2, נט/א. ‟אוי, איך וועל מיך א', זיך ווערגן, שטיקן אין מיר‟, ממוס, פריזיוו. „ער האָט זיך איַנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות אַז ער זאָל ניט איַנשלאָפֿן„, ראַבאָי, אייגענע ערד. ‟זי האָט זיך פֿון ווייטיק נישט געקאָנט א, און האָט אויסגעשריִען„, נס, משפּחה מאשבער.

6. ניט האָבן קיין (ניט קומען אין אַ) מגעומשׂא. אָפּשיידן זיך. אָפּטיילן זיך. אויסמיַדן.

7. זיַן, בליַיבן פּאַסיוו. אויסוואַרטן, איבערוואַרטן. ‟איך קען זיך מער ניט א'! פֿאַרפֿלוכט זאָל זיַן דער וואָס זעט אַזעלכע עוולות און שוויַגט!‟, ממוס, טאַקסע. „די קאַפּיטאַליסטן האַלטן זיך איַן, און די מעקלערס גייען אַרום בטל‟, שע, מנחם־מענדל. „——— פֿאַרוואָס גיט מען נישט אַריַן דעם סאַמאָוואַר? — איך האַלט מיך נאָר איַן פֿון שטעלן צו דער פֿולער וואָך‟, ש.

האָראָנטשיק, 'גאָטס משפט'.

8. אויפֿהיטן אַ שטעל, אַ פּאָזיציע. זיך א, אויף אַ שטעל, אויף אַן אַמט. „קיין דינסט, קיין יונג האַלט זיך דאָך איבער איר ניט אײַן בּ ײַ ר, צדוקן“, ג. י. ראַוויטש, די קלוגע הדרכה, ווילנע 1877. „אין די בעסטע צײַטן אַפּילו האָט ער זיך מער ווי אַ חודש ניט געקענט א, א ו י ף אַן אָרט“, אר, 'דער באָיקאָטירטער'. “קיין מינוט האָט זי זיך שוין בײַם פֿאָטער אין שטוב ניט געקענט א'“, בערג▯ נאָך אַלעמען.

9. בּלײַבּן אין דעם זעלבּיקן צושטאַנד. בּלײַבּן אויפֿן זעלבּיקן אָרט. דאָס וואַסער האַלט זיך אײַן אין ליימיקן באָדן. “אין וואַרעמער לופֿט קען זיך... א, אַ סך מער וואַסער־פּאַרע ווי אין קאַלטער“, חי„ה זעלדעס, ווינטער אַבענדען, וואַרשע תּרנ“ח. *א, זיך אויפֿן וואַסער (אויף דער אייבערפֿלאַך) = אויך: אויפֿהאַלטן אַ געשעפֿט (מסחר, אונטערנעמונג אע) בײַ שווערע באַדינגונגען. *א, זיך אויפֿן (אין) זאָטל = אויך: בּלײַבּן אויפֿן זעלבּיקן, וויכטיקן אַמט, ניט לאָזן מע זאָל אַרונטערוואַרפֿן. „אונדזערע גבּאים האַלטן זיך אײַן אויפֿן זאָטל — און טו זיי עפּעס!„. *די פֿ י ס האַלטן (זיך) אײַן = מע בּלײַבּט וואו מען איז. מע

טאַנצט ניט, שפּרינגט ניט אע. *זיך א, אויף
די פּיס = א) בלײַבן פֿעסט שטיין (ניט געקוקט
אויף שוואַכקייט אָדער אַן אַנדער סיבה);
ב) בלײַבן בײַ אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג אע.
געניצט אָפּטער מיט נ י ט. „אַ פּיסקאַטע איז
זי, אַ בעסטיע, אין דער היים קענען זיך נישט
א, אירע פּיס“, מס, משלי תּקע״ד, ז, 11.
(1). אויפֿהיטן זיך, פֿאַרבלײַבן (וועגן זאַכן,
געלט). ״ער האָט שיטערע פֿינגער, בײַ אים
האַלט זיך ניט אײַן דאָס געלט“.
11 פֿאַרהאַלטן נאַטירלעכע באַדערפֿעניש. א,
.
זיך פֿון שטולגאַנג. ״קענסט זיך ניט א'?
פֿאַרדריי (מיט) די פּיס“ פֿוול, גראָב [ווש מיט בב
,
[3־1.
־ונג — “... איין האַלטונג פֿון דשׂ
זעלביגה וואשׂ אים גילושׂט“, חה אמשט 1716,
קמג/א. ־עכץ. ־עניש.
אײַנהאַלטעוודיק — אדי. וואָס קען (איז
מסוגל) אײַנ(צו)האַלטן. „איך האָב ליב צו שעפּן

אײַנהאַלטער

פֿון דעם נישט־א'ן שטראָם פֿון די

נאַטירלעכע... רעיונות", יעק גאָלדשטיין, בײַ דער
יונגער מוטער, לאָדז 1912. ־יקייט.
איינהאַלטער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
--

1. ווער עס האַלט אײַן. "ער איז ניט נאָר מײַן
בוכהאַלטער, ער איז אויך מײַן א'". 2.
ברעמזע, טאָרמאַז פֿאַר פֿערזאָנען־צוגן מיט
דורכ. ,,
גייענדע ברעמזע (א') איז פֿעסטגעשטעלט
געוואָרן אַ מעגלעכע געשווינדקייט פֿון 100 קמ,
א שטונדע", ב פֿײַגענבוים איבז, א. בעבעל פֿרוי
— I ,
און סאָציאַליזס. ־יש — אַדי. א'ער ווילן.
,,דער סעקרעטאַר פֿרעגט אַזוי א', ווען ק. וו.
קומט", א. קאהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.
איינהאָל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אײַן, ,
גע— .
האָל(י)עט. אוקר. אײַנוויקלען, אײַנטוליען,
אַרומטוליען. א, דאָס עופֿעלע איידער מע נעמט
עס אין דרויסן.
איינהאַלמעווען — דזוו אײַנהאַמעווען ←.
--

איינהאָלן — טרוו. האָל אײַן, ~געהאָלט.

-

דטשמ. נר. אָניאָגן (פּינסקי ווב).

איינהאַמאַניען — טרוו ־ניע אײַן, ~

גע—

האַמאַניעט. דזוו אײַנהאַמעויען, בבֿ 1־2.

אײַנהאַמעווען — טרוו. ־מעווע אײַן, ~

גע־־

האַמעװעט. 1. אײַנהאַלטן, אָפּהאַלטן. צוימען באַגערן. א, די תּאווה. א, דעם טעמפּעראַמענט. 2. פּעסט אײַנהאַלטן (אַזוי ווי) אין צוים. א, די צעפּלאָשעטע פּערד. א, דעם גראָבן־יונג, כוליגאַן. א, די קונדייסים. "כּדי צו א􏰀 די אומרואיקע, ווילדע שכנים, האָבן די קאַטוילישע מאָנאַכן... געשטרעבט צו פֿאַרשפּרייטן דאָרט די קריסטלעכע אמונה", איבֿז, קודריאַווסקי, אדם הראשון'ס דורות, וואַרשע 1896. „מע קען דיך ניט א, מיט זיבעציק דראָנגען", העשעלעס. 3. פֿאַרצוימען. א, מיט אַ דאַמבע. א, דאָס וואַסער. 4. טאָרמאַזירן. "אין דער לעצטער רגע... האָט דער דרײַווער אײַנגעהאַמעוועט זײַן קאַר", ע. פּאַט, טמז, 5 .6 1962 IX. פֿאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג. (ניט) א, דעם שעפֿערישן גאַנג. א, די ו ו ע ל ט = פֿאַרהאַלטן די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג.

מיט ז י ך — ,,ער איז געווען גרייט
אַראָפּצושפּרינגען און זיך לאָזן אין אַ טאַנץ. ער
האָט זיך קוים געקאַנט א''', פּ רודאָי, טמז,
.XII 19 11
איינהאַמע(ווע)ן — טרוו ־מע(ווע) אײַן,
—
.
 י.,געהאַמע(ווע)ט. <האַם־האַם. קינדער־לשון.
אויפֿעסן. אײַנשלינגען. א, פֿאַפּע, מאָני (בּרויט,
מילך). שפּאַסיק: א, די ו ו ע ל ט = וועלן
אויפֿעסן, אײַנשלינגען די גאַנצע וועלט.
איינהאַמערן — טרוו ־ער אײַן, ~
געהאַ—
.
מערט. 1. אײַנקלאַפּן מיט אַ האַמער. א, די
נעגל אין וואַנט. 2. אײַנטאָלקעווען, אײַנחזרן.
א, די לערע אין קאָפּ אַרײַן. ''מיר האָבן דאָ...
אײַנגעקנאָטן, אײַנגעהאַמערט דעם אַלטן ניגון
פֿון אונדזער שטאַם'', א. שומיאַטשער, לידער.
—ונ .
אײַנהאַנדלען — טרוו ־דל אײַן, ~געהאַנדלט.
—
.
1. קויפֿן, אײַנקויפֿן. א, אַ גוט שטיקל סחורה.

א אַ מציאה און פֿאַרדינען גראָבֿ. א אַ סך

בּיזשוטעריע. א, פֿון כּל־טובֿ. א, שאַר־ירקות.
“האָט ווי אַ סוחר געזוכט אין אַ שידוך אַ
געשעפֿט אײַנצוהאַנדלען פֿאַר זיך”, ממוס,
ווינטש □ ,,דער טאַטע איז פֿריילעך, וואָס ער האָט
באַצײַטנס אײַנגעהאַנדלט ווײַן אויף אַרבּע
כּוסות”, שע, □ון פּסח בּיז פּסח. “און פֿון
בּיידערליי געשלעכט האָבּ איך זיך [= דה פֿאַר זיך]
אײַנגעהאַנדלט קנעכט,,, פּרץ, פֿינף מגילות.
2. (איר) אײַנקויפֿן וואָס עס האָט זיך ניט
געלוינט. א, מציאות, מעצאָצעס. *א, מפֿטיר =

□ □

קויפֿן מפֿטיר נאָך אַ דינגעניש; אויך: א)
קריגן אַ גאָבֿ, או□ סגעזידלט ווערן; בּ) אַרײַנקריכן
אין אַ שווערער סיטואַציע. “ער האָט טאַקע
מיט דער גרושה חתונה געהאַט. נו, האָט ער
אײַנגעהאַנדלט אַ מפֿטיר. ער וועט האָבּן צו
זינגען און צו זאָגן”. □א, אַן איידעם אויף
קעסט = אויך: זיך פֿאַרפֿליכטן צו שטיצן אַ
זײַטיקן, אַ פֿרעמדן. “אַז אַ שלימזל איז אויפֿן

מאַרק, האַנדלט ער אײַן די אמתע מציאות“,
שוו. “איר מעגט כ'לעבן זײַן צופֿרידן וואָס אײַך
איז ניט אויסגעקומען אײַנצוהאַנדלען יענע
טײַערע סחורה“, ממוס, 'דער חילוף'. „קויפֿט
ער תּבֿואה, ווערט אַ זול. האַנדלט ער אײַן
אָקסן — פּגרן זיי„, שע. “ער האָט
אײַנגעהאַנדלט פּגירות, איידער ער וועט זיי
אַהיימבּרענגען, וועלן העלפֿט אויסציִען די לאַפֿקעס“,
אָפּאַ,
די טענצערין. *א, אַ קאַץ אין זאַק = אײַנקויפֿן
עפּעס ניט־זעענדיק, ניט־באַטראַכטנדיק וואָס מע
קויפֿט.
3. אײַנקויפֿן מיט שוועריקייטן (עפּעס וואָס
איז אומלעגאַל אָדער פֿאַרבונדן מיט אַ סכּנה).
א, געווער פֿאַר דעם מאַרגאַרין אָדער קעז...
„ .
נעמט ער א, אַ קענדל וואַסער“, י□)ראָל קאַפּלאַן,
שליאַך און אומוועג. „עס גייט דער ערשטער
ייִד זײַן ערשטן גלות־וועג; די בּרכה
אויסגענאַרט, די בּכורה אײַנגעהאַנדלט“, אַל II, אַל
,
תּירא עבֿדי יעקבֿ„.
4. אַרײַנבאַקומען. אַרײַנקריגן. “נעם דיר
איין ווײַב... און מעכשׁט דיר אײַן הנדלן

פֿלאָג אויף דײַן לײַבֿ“, עיון, נה/ב. „מײַן
טאָכטער, אויבֿ דו ווילסט דיר א, אַ חתן — זינג
נישט און רעד נישט און זיפֿץ נישט, נאָר שווײַג
אים אויס מיט די אויגן„, נאַד. „כ'האָבֿ שוין
אײַנגעהאַנדלט גוט: דרײַ קאָרטן: זאָדיק [=
צענטל רויט], לאַקריץ [= נײַנטל טרעף], בנימין
[= וואַלעט פּיק]“, שע
5. אײַנשאַפֿן, דערגרייכן. „חכמה
אײַנצוהאַנדלען איז בעסער פֿון גימגאָלד“, מס, משלי
תקע“ד, טז, 16. “השי“ת האָט אַראָפּגעשיקט
דעם מענטשן אויף דער וועלט ער זאָל דאָ א,
תּורה ומצוות“, 'משלי אָבֿות אויף אָבֿות, צור,
נ“י תרע“]. ־ונג. —עניש.
איין האַנט — אין פֿראַזעס: מ אַ כ ן (ז ײַ ן)
א, ה', דזוו מאַכן יד אַחת, זיך קעגנזײַטיק צו
-

שטיצן, אָפּמאַכן צווישן זיך צו טאָן עפּעס
צוזאַמען. „איך זאָג, אַז מיר דאַרפֿן מאַכן א, ה',
דאָס זאָל אײַנגעפֿירט ווערן“, ש. בעקערמאַן,
דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887.

אײַנהאַקן

איינהאַנטיק — אדי. 1. וואָס האָט נאָר איין האַנט. אַן א'ער קאַליקע. „די בײמער... מיט איין צווײַג אַרויסגעשטרעקטע אין אַ זײַט, ווי אַן א'ער האַלבֿ־משוגענער מענטש“, וול. לידין, שסילער אָדער גרויסער, מינסק 1936. 2. תּקיפֿותדיק, אַליינהערשעריש; דיקטאַטאָריש. „אין דער פּאַרטיי זײַנער אין געקומען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע צו זײַן א'ער פּאָליטיק“, בצג, טאָג, 26 1964 II. ־יקייט.

איינהאָניקן — טרוו ־ניק אײַן, ~געהאָניקט.

—

.

1. (קינדער־לשון) אײַנשמירן אין (מיט) האָניק. א, די המוציא. 2. מאַכן פּריקרע זיס פֿאַלש

,

ליבלעך. א, די רייד מיט קאָמפּלימענטן.

איינהאָסטיען זיך — אוטוו ־טיע זיך אײַן,

—

.

זיך ~געהאָסטיעט. סל. זיך פֿילן גוט ווי אַ גאַסט. בלײַבן אַ לענגערע צײַט אַ גאַסט. א, זיך בײַ באַקאַנטע און ווערן אַ בן־בית.

איינהאַסטיקן — טרוו ־טיק אײַן, ~

געהאַס

▯

-▯

טיקט. מאַכן אַ פּראָצעס פֿון אַ טואונג
האַסטיקער, גיכער. א, דעם לויף פֿון דער מאַשין.
־דנג.

איינהאַסן — טרוו. האַס איַן, ▯ יי־,געהאַסט.

-.

וועקן האַס. דערפֿירן צו שׂנאה. א אַ שכן מיט

,

אַ שכן, זיי זאָלן ווערן אויף מעסערשטעך. מיט
ז י ך — ״ער האָט זיך אַזוי איַנגעהאַסט ביַי
אַלעמען אַז ער האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן״.

איינהאָפּקען — ־קע איַן, ▯ י'געהאָפּקעט.

.▯

אוטוו — אַריַנקומען האָפּקענדיק. מלא שׂמחה.
א, פֿון דרויסן אין שטוב אַריַן. טרוו —
איַנשטויסן, צונויפֿפּרעסן מיט די פֿיס (האָפּקענדיק).
א, דעם בּדנט היי. מיט ז י ך — האַפּקען אַ
לענגערע ציַט. איַנגעניטן זיך אין האָפּקען. א,
זיך ווי אַ געשוואָרענער טענצער. ־עניש.
איינהאַפּטן — טרוו. האַפּט איַן, ~געהאַפּט.

--

1. דזוו איַנהעפּטן ←. 2. איַנפּעסטיקן. מאַכן
עס זאָל האָבּן האַפּט. א, אַ צעוואַקלט געשעפּט.

איַנהאָצקען (זיך) — ־קע (זיך) איַן, (זיך) ~געהאָצקעט. 1. דזוו איַנהוידען ←. 2. דזוו איַנהאָפּקען. ־עניש.

איינהאַק — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזול־. טאַט פֿון איַנהאַקן. אַ בּוֹלטער א'. 2. שניט אָדער סימן פֿון שניט. אַ בּוים מיט ־ן א, אויפֿן שטאַם. 3. אויסגעהאַקט שטיק וואַלד. אַן א, מיט גראָז אין אַ מאָכיקן וואַלד. 4. שטיק פֿלייש וואַס דער קצבֿ האַקט איַן אויפֿן יאַטקעקלאָץ. „גיט מיר אַ גוטן א'“.

איַנהאַקן — טרוו. האַק איַן, ־. ,געהאַקט. ־

1. אַריַנהאַקן, אַריַנקלאַפּן עפּעס אין עפּעס. א, די האַק אין קלאָץ. א, טשוועקעס אין וואַנט. 2. איַנקאַרבּן, מאַכן אַ שניט (מיט אַ האַק אָדער מ ט סתּם אַ שאַרפֿער זאַך). א אַ קלאָץ,

אבּער ניט קענען איבּערהאַקן. א אַ פֿינגער,

,

עס זאָל בלוטיקן. *א, באַנקעס = שטעלן
געהאַקטע באַנקעס. 3. טיילוויַיז אויסהאַקן. א,
דעם אָפּגעקויפֿטן וואַלד און פֿאַרענדיקן
אויסהאַקן אַ יאָר שפּעטער.
4. צעהאַקן אויף קליינע שטיקעלעך (בײַם
גרייטן מאכלים). א, פֿיש צו מאַכן געפֿילטע פֿיש.

איינהאָרביק

א, פֿלייש אויף קאָטלעטן. א, לעבערלעך. א,
ציבעלע און רייַשן. 5. אַרײַנטאָן, אַרײַנשיטן,
אַרײַנגיסן נאָכן צעהאַקן. א אַ קנאָבעלע אין
פֿלייש. א אַ האַרט איי אין לעבער.

6. (שנײַדערײַ) מאַכן אַ שפּאַלט. א, די
קאַפּאָטע. א, די מאַרינאַרקע.
7. אונטערהאַקן. אײַנברעכן. קללה: זאָל אים
אַ דונער א'.
8 פֿיג. אײַנהאַמערן. א, אין קאָפּ אַרײַן די
ריכטיקע ענטפֿערס.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער
— ווער עס הייבט אָן די אַרבעט פֿון אָפּהאַקן

אַ בוים.
איינהאָרביק — אַדי. וואָס האָט איין האָרב, הויקער. א'ע קעמלען.
איינהאַרבסטן — טרוו ־בסט אײַן, ~ גע—.
האַרבסט. 1. אַראָפּנעמען גערעטעניש. א, די תּבֿואה פֿון די פֿעלדער. 2. אַרײַננעמען דאָס גערעטעניש אין אַ זאַמלאָרט (שפּײַכלער, סטויג אע). א, היי. א, קאָרן. —ונג.
איינהאָרבען — טרוו ־בע אײַן, ~ געהאָר—.
בעט. אײַנהויקערן. אײַנבייגן עס זאָל אויסזען ווי אַ הויקער. "די עלטער האָרבעט אײַן".
מיט ז י ך — אויך: אײַנקאָרטשען זיך. זיך א, אין אַ ווינקעלע און שווײַגן. "עס וועלן זיך א, די לידער־טעכטער", מס, קהלת תּקע„ט, יב, 4.
איינהאַרט(עווע)ן — טרוו. האַרט(עווע) אײַן, -
~געהאַרט(עוועט). 1. פֿאַרהאַרטעווען. מאַכן האַרט, שטײַף. דער פֿראָסט האָט אײַנגעהאַרטעוועט די בלאָטע. 2. אײַנקראָכמאַליען. א, די מאַנזשעטן. 3. אײַנטריקענען (און עס ווערט האַרט). די שטיוול האָבן שוין לאַנג ניט געזען קיין דזיעגעכץ, זײַנען זיי אײַנגעהאַרט(עוועט)

געוואָרן. 4. אײַנקלאַפּן (אָדער טאָן אַן אַנדער מין אַרבעט), עס זאָל ווערן האַרט(ער). א, די זוילן מיטן האַמער אויפֿן קאַפּול. א, שטאָל. א, פֿאָדקעוועס.

5. צוגעוואוינען איבערצוטראָגן פֿיזישע שוועריקייטן. א, די זעלנערס איבערצוטראָגן קעלט און הונגער. „די ציגײַנער האַרטעווען אײַן זייערע קינדער“, העשעלעס. 6. דערציִען אין גײַסט פֿון אומטאָלעראַנץ (אומרחמנות אע). א, עמעצן, ער זאָל ניט וויסן פֿון רחמנות.

מיט ז י ך. □יי־,האַרטונג. ~ האַרטעניש.

אײַנהאָרכן — טרוו. האָרך אײַן, ~געהאָרכט.

1. (פּאָעטיש, אַרכ) אײַנהערן מיט קאָפּ, מיט אויפֿמערק. „די קליינע לבֿנה אין הימל האָרכט אײַן“. “דו הערסט ווי שיין מע שפּילט? קום מיט מיר נענטער, וועלן מיר בעסער קענען א'“, י. בודזאָהן, אַגיטראַײַע ווײַביל חלעבין, ווילנע 1892. 2. צוהערן זיך און פֿאַרנעמען. אָפּלערנען. אויספֿאָלגן. א, די רייד פֿון מוסר. 3. אײַנזאַפּן אין זיך. א, די שטילקייט. „איר שטילער א'דיקער בליק איז נאָך טיפֿער געוואָרן איבער דעם קינדס פּנימל“, ווײַס, 'חנהלע'. איינהאָרכן זיך — ← דפּוו. [די געוויינלעכע

-

פָארעם איז מיט זיך.] 1. אײַנהערן זיך (מיט

אינטערעס, מיט אָנשטרענגונג). א, זיך צו דער מוזיק. א, זיך צום קלאַפּן פֿון האַרץ, פֿון פּולס. זיך א, ווי ייִדן לערנען תּורה. א, זיך צום אייגענעם געוויסן. ,,ער קוקט דיך אָן און ער אָבסערווירט דיך. דעריבּער קען ער לאַנג שווײַגן און הערן, נישט אַזוי הערן ווי א, זיך,,, מלך ראַוויטש, היימיש, אלול תשי"ח. ,,... האָט זיך געקאָנט.א, דעם געשפּרעך [אָן צו!] וואָס זיי האָבן געפֿירט", אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. 2 פֿאָלגן, אויספֿאָלגן. געהאָרכן. א, זיך צו

.

דעם וואָס גוטע און פֿרומע לײַט הייסן.

3. אײַנזאַפּן אין זיך. אַרײַננעמען אין זיך. א, זיך צו דער אַרומיקער שטילקייט. 4. דזוו צוהערן זיך. מיט איר בײַטעם. א, זיך צום קוואַקען פֿון די זשאַבּעס. א, זיך צום געזאַנג פֿון די גרילן. ־עניש.

איינהאָרמאָ'ניק — אַדי. נעאַל. וואָס האָט

(גיט אַרויס, אַרבּעט אויס) נאָר איין מין
האָרמאָן. א'ע דריזן.
איינהאַרמאָנירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~
האַר־־
מאָנירט. 1. אײַנשטעלן אַ האַרמאָניע. א,
קלאַנגען. א, פֿאַרבּן. אויך: א, דעם אָרקעסטער.
2. קאָאָרדינירן. א, די אַרבּעט פֿון פֿאַרשיידענע
אָפּטיילן.
אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־ער.
איינהאָרן — דער, ־ס. 1. גרויסע זויג־חיה
מיט איין גרויסן (אויך מיט אַ צווייטן קלענערן)
האָרן אויף דער נאָז.
בּײַ אַ צאָל מינים
י
האָט די זי בּכלל ניט
קיין האָרן. די הייך
קען דערגיין בּיז
איבּער פֿינף פֿוס. זייער מאַסיוו געבּויט. די
פֿעל איז דיק. שפּײַזט זיך מיט גראָז. לעבּט
אין טראָפּישער אַפֿריקע און אַזיע. ros e noc [ ][
.un c nis
2. טוו פֿאַר 'יחמור', אין סהמ (מלכים א, ה,
3), בּאר משה, ששי אאַ פֿרגל אָנהאָרן [אָבער
.

אין סהמ, איובֿ, לז און מ איז א, טוו פֿאַר
,בּהמות,].
3. לעגענדאַרע חיה מיט אַ גרויסן שוואַרצן
האָרן אויפֿן שטערן, ענלעך צו אַ ריזיקן
שטיינבּאָק. לויט אַנדערע פֿאָרשטעלונגען: אַ
גרויס פֿערד, מיט הינטערשטע פֿיס פֿון אַן
אַנטילאָפּ, מיט אַן עק פֿון אַ לייבּ, מיט אַ האָרן.
אין אַלע פֿאַלן האָט דער האָרן מאַגישע און
מעדיצינישע אייגנשאַפֿטן. דער א, האָט
געשפּילט אַ קאָנטיקע ראָלע אין דער העראַלדיק.
סימבּאָליזירט כּוח, אויך רײַכקייט, אויך
בּתולהשאַפֿט. ״דר שטיין כּאָק מיט דען איין האָרן
לעבּן מיט אַנדר אַז וועזן זיא פֿון איינר מוטר
ווערן גיבּאָרן״, משל הקדמוני פֿפֿאָ תש״ד. ״גאָט
,
האָט אים אַרויסגעבּרענגט פֿון מצרים, ער האָט
גלײַך אַז ווי די שטאַרקייט פֿון אַן א,״, חחת,
צה/ב [תּי: ״וויזלטיר״].
4. קאָנסטעלאַציע, געשטערן (אויפֿן סמך פֿון
בּ3) וואָס מע זעט אויף די דרומדיקע הימלען,
גלאַנצט בּולט ווינטער־צײַט און אָנהייבּ פֿרילינג.
.MOnO((Os

אײַנהויזן זיך

־דיק — אַדי. וואָס האָט איין האָרן. א'ע
באשעפֿעניש. אויך. ־יק — „צי איז עס נישט
—
.
אַן א'יקע חיה מיט אַ ווײדל און מיט אַ פֿעל
באַדעקט", בראָד, גש.
איינהאָרן־וואַלפֿיש — דער, ־ן. דזוו
נאַרוואַ'ל. זעלטענער בעל־חי. צייניקער וואַלפֿיש,

זויגער פֿון דעלפֿינען־משפּחה. דערוואַקסענע א'־
וו'ן זײַנען אַ 4־6 מעטער לאַנג און וועגן בּיז
צוויי טויזנט פֿונט. „די ערן (און זעלטן אויך
די זיִען) האָבּן אויף דער לינקער זײַט פֿונעם
פּיסק אַ מין האָרן, בּיז דרײַ מעטער לאַנג.
לעבּט אין אַרקטישן בּאַסיין, זעלטן פֿאַרגייט
ער אין דער סובּאַרקטישער זאָנע. ער לעבּט
צווישן אײַז. Mo1ו־oc1on monoce os.
אײַנהאָרעווען — ־רעווע אײַן, ,,.
געהאָרעוועט. אוטוו — 1. האָרעווען, שווער אַרבּעטן
אַ דויערנדיקע צײַט. "וואָס איך האָבּ שוין
אײַנגעהאָרעוועט אין מײַן לעבּן". „... ווײַטער

האָרעוועט מען מיט זיי אײַן צו זינגען די
פּסוקים בײַ אַ הלוויות־המת“, א. י. סאַ􏰀יר אויס
מינסק, חטאת הקהל..., ווילנע 1881. 2.
אײַנטענהן, פּרוּוון אויספּועלן מיט גרויס מי. א,
מיט אים, ער זאָל זיך היילן.
טרוו — 1. אײַנגעוואוינען עמעצן צו
האָרעווען. א, דעם יונג דעם לײדיקגייער. א, אַ
לאָשיקל. 2. אײַנמאַטערן מיט אַרבעט. א, די
אָנגעשטעלטע. 3. אַרײַנקריגן דורך האָרעוואַניע.
א, דעם גראָשן. מיט ז י ך—א, זיך און קראַנק
ווערן.
איינהאַרציק — אַדי. וואָס האָט אַ האַרץ (
נייגונג, ליבשאַפֿט) נאָר צו איין זאַך (איין
מענטשן, איין גרופּע) פֿטמ אויך דזוו
ענגהאַר.
ציק. „ער איז אַן א'ער. חוץ דער משפּחה זעט
ער קיינעם ניט„..
אײַנהובלע(ווע)ן — טרוו. הובל(ע)(ווע) אײַן,
􏰀.„.געהובל(ע)(ווע)ט. 1. הובלען, עס זאָל זיך
אַרײַנפּאַסן. א אַ לײַסטל צווישן ברעטער.
,
2. אָנהייבן הובלען, אָבער ניט פֿאַרענדיקן די
אַרבעט. א, ברעטער וואָס מע באַדאַרף זיי נאָך
אָפּהובלען.

אײַנה⸗וטען — טרוו. ־טע אײַן, ~געהוטעט.
1. אַרײַננעמען אין אַ הוטע. א, בראָכוואַרג.
2. דזוו אײַנהויטען ←.
איינהוידען — טרוו ־דע אײַן, ~געהוידעט.
—
.
אײַנוויגן. א, די קינדער, ביז עס פֿאַרדרייען זיך
בײַ זיי די קעפּלעך. אויך פֿיג. א, די מאַסן מיט
צוזאָגן. מיט ז י ך — „אַ⸗אַ—אַ... ס'איז
גוט אַזוי, — האָט זי [די נאַכט] זיך
אײַנגעהוידעט לויט דעם ביימער־שאָקלען“, אצג,
מעפֿיסטאָ.
איינהויזן זיך — אוטוו. הויז זיך אײַן, ז⸗ך
-
~געהויזט. לר. ווערן אַ בן־בית. זיך אָנהייבן
פֿילן (ווי) אינדערהיים.

איינהויטיק

איינהויטיק — אדי. וואָס האָט נאָר איין
הויט, איין שאָלעכץ. איין איבערדעק. א'ע פֿיש,
אָן שופֿן. א'ע פֿירות.
איינהויטען — טרוו ־טע אײַן, ~געהויטעט.
-

אוקר. פפ: ~האָטיען. a□ו□]□o□]:□ □ >.
1 פֿאַרקערעווען אויף רעכטס. א, דאָס פֿערדל.
.
2. אײַנאָרדענען, אײַנמאָסטען. א, די ימים־
נוראים־ייִדן. מיט ז י ך — א, זיך אין בויד.
איינהויך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-.
פֿון אײַנהויכן. א, פֿון פֿאַרסמטער לו□ט. אַן א,
פֿון ענערגיע אין דער אָרגאַניזאַציע.
איינהויכן — טרוו. הויך אײַן, ~געהויכט.
□-
1. אײַנאָטעמען, אַרײַננעמען לופֿט.
אַרײַנאָטעמען. א, רויך. א, באַרג־לופֿט. "כּדי זיי
זאָלן נישט א, דעם עיפּוש, וואָס גיט אַ זעץ
אַרויס פֿונעם אָרון", קמ 20 1867, No.
2. אַרויסבלאָזן פֿון זיך דעם הויך און
אַרײַנבלאָזן אין עמעצן. א, לופֿט אין די לונגען פֿון
אַ געחלשטן. אויך פֿיג □איך האָב דאָס גיפֿט
וועלכעס ער האָט אין מיר אײַנגעהויכט...
פֿאַרשלונגען", מ. מ. אויזערקיס, דער
פּריוואַטלעהרער, דראָהאָביטש 1898. 3. אַרייפֿבלאָזן
הויך, אָטעם אויף עפּעס. א, די ברילן און זיי
אויסווישן. א, די שויב פֿון פֿענצטער. 4.

אַרײַנגעבן מוט; אָנרעגן, אינספּירירן. ״ער האָט אין יענע אַנאָנימע מאַסן אויפֿגעוועקט היסטאָריש
אונטערדריקטע הונגערס און דורשטן
אײַנגעהויכט אין זיי דעם גײַסט ון רעוואָלט״, גרינ, מענטשן און ווערטן. ־ונג.
איינהוילן — טרוו. הויל אײַן, ...,געהוילט.
--
אַרכ. 1. אײַנמאָנען, צונויפֿקלײַבן. אַרײַנקריגן. ״דשׂ (משולחים) אושׂ (ארץ ישׂראל) גשיקט ווערדן אום געלט פֿר זי אין צו הולין״, שאַר, קי/ב. ,,דורך גזל אונ שוחד אײַן הולן״, עיון, מה/א.
2. אויפֿנעמען. ,,שיני קליידר אַן צו טאָן לכבֿוד שבֿת אום שבֿת צו אַנטפֿאַנגן מיט שׂמחה, אַלשׂ וויא איינר דער דא גיט איין מלך אין הולין״, מהמ, אַמשט 1722, קלו/א. 3. איבֿערנעמען פֿאַראייגענען. ,,עמלק האָט אײַן גיהולט
,
לשון פֿון אנדרי אומות״, סהמ, עובֿדיה, א, 3, פֿראַג תּנ״ב.
איינהוילקעוועך — טרוו ־קעווע אײַן, ~
געֿ—
הוילקעוועט. (סטאָליערײַ) אײַנשנײַדן,

אײַנהובלען האַלב־קײַלעכדיק. א, אַ ברעטל, אַ פּילאָנקע.
אײנהויערן זיך — אוטוו ־ער זיך אײַן, זיך —
I
..,,געהויערט. אַרכ. זיך אײַנבייגן. זיך אײַנקאָרטשען. ,,צו לוגן אונ, פֿנגן בהמות אונ, חיות, דא הויארן זיא זיך אײַן אַז דער סדר איז פֿון דיא יעגר,,, סהמ, איובֿ, לח, 40.
איינהויקערדיק — אַדי. וואָס איז מיט איין הויקער. איינהאָרביק. א'ע קעמלען.
אײַנהויקערן — טרוו ־ער אײַן, ~

געהויקערט. 1. מאַכן אַ הויקער, עס זאָל אויסזען ווי אַ הויקער. די צײַט האָט אים אײַנגעהויקערט. 2. אײַנבייגן. אײַנקרימען. דער ווינט הויקערט אײַן די יונגע ביימעלעך. 3. מאַכן

הכנעהדיק, אונטערטעניק. "דער דלות הויקערט אײַן, דער גראָשן גלײַכט אויס", שוו.
מיט ז י ך — א, זיך פֿון צרות. א, זיך אין דרײַען, אין צענען. א, זיך אין דרײַצן פֿאָהיבעלעס. ,,וואָס מאַכט עס אַ ייִדן אויס אַז דאָס

פֿאָרהײַזל איז אַ ביסל ענגלעך? מילא, הויקערט
מען זיך אַ ביסל אײַן", ממוס, שלמה. ־ונג.
איינהוליען זיך — אוטוו ־ליע זיך אײַן, זיך
I —
~געהוליעט. אַרײַנטאָן זיך, אַרײַנוואַרפֿן זיך
אין הוליען. א, זיך און ניט וויסן אויף וועלכער
וועלט מען איז.
איינהונגערן — טרוו ־ער אײַן, ~
געהונ ־
גערט. 1. געבן ווייניק אָדער גאָר קיין עסן
ניט. א, די אורחים. א אַ הונט ער זאָל ווערן
,
בייז. 2. צוגעוואוינען צום הונגערן, צו קריגן
ניט גענוג שפּײַז. א, די יתומים אין
פֿאַרוואָרלאָזטן יתומים־הריז. "וואָס נאָך איז דאָ צו
דערציילן? נויט הונגערט אײַן". ־ונג. ־ניש.
איינהוסטן זיך — אוטוו. הוסט זיך אײַן, זיך
־
~געהוסט. הוסטן אַ סך, אַ לענגערע צײַט.
א, זיך און ניט קענען אויפֿהערן.
איינהורבען — טרוו. ־בע אײַן, ~געהורבעט.
-
אײַנשאַרן, אײַנזאַמלען (אין אַ קופּע, שטויס
אע). א, דעם שניי אין אַ זײַט פֿון טויער.

איינהיטבאַר — אַדי. דטשמ נר.
איַנהיטעוו־־
דיק.
איינהיטונג — דאָס, ־ען. פּראָצעס אָדער
רע־־
זולטאַט פֿון איַנהיטן. אַ זיכערע א'. א'
סמ י ט ל.
איינהיט־לעמפּל — דאָס, ־עך. לאַמטערן,
▯־
לעמפּל פֿאַר אַ מינע, שאַכטע. "אין די
קוילןשאַכטעס קלייַבט זיך אַמאָל אָן גאַז... וואָס
בּרענט זיך גיך פֿונאַנדער פֿון פֿיַער־אָנריר.
אין די א'־ל'עך איז דער פֿלאַם אַרומגענומען
מיט אַ מעטאַלן נעצל...", איבּז, ל.
מאַלטשעווסקי און ג. יאַקובּסאָן, אייניקע פּשוטסטע
עקספּערימענטן..., מאָסקווע 1920.
איינהיטן — טרוו. היט איַן, ~געהיט (אויך:
▯־
~געהיטן). 1. גוט היטן, אויסהיטן. זען עס
זאָל ניט פֿאַרלאָרן גיין, ניט קאַליע ווערן. א,
אַ יקר־המציאות. א, פֿאַר די קומעדיקע דורות.
,,די זעלבּשטענדיקייט איז דעם קריטיקער פֿון
טעאַטער־שפּיל שווערער אַ סך איַנצוהיטן ווי
דעם בּיכער־רעצענזענט", שנ, לעזער, דיכטער,

קריטיקער II.
2. פּרעזערווירן. זען עס זאָל בּלײַבן בּײַם
פֿריערדיקן אָדער איצטיקן צושטאַנד. אויפֿהיטן.
א, פֿלייש אין אײַזקאַסטן. א, די שיינקייט. א,
דאָס געזונט. א, די מנהגים. א, די דיסציפּלין.
א, אויף דער עלטער דעם אימפּעט פֿון די יונגע
יאָרן. "... יאָרן, אין וועלכע מע דאַרף שטאַרק
א, די ריינקייט פֿון גײַסט", דר, ט. קארניג,
היגיענע □אר אומפֿאַרהייראַטעטע, וואַרשע 1908.
"האָט נאָך בּיז איצט אײַנגעהיט אין זיך
פּאָוואַדקעס פֿון אַ סאָלדאַט", ה דאָבּין, סאָוו,
היימלאַנד, 2 1□19, No.
3. דערהאַלטן אויף שפּעטער (ווען מע וועט
עס בּאַדאַרפֿן). א, דעם גראָשן (דאָס קערבּל,

איינהיטעוודיק
-□

דעם דאָלאַר אע). א, וואַסער, שפּײַז אע א,
אײַנגעמאַכטס אויפֿן ווינטער. א, שמאַלץ אויף
פּסח. "די בּאָבּע... האָט געזוכט מיטלען ווי
אַזוי אים [דעם קוכן] אײַנצוהיטן", ה ל.
זשיטניצקי, 'דעם זיידנס הײַזל'.

4. אָפּהאַלטן פֿון עפּעס, ניט צולאָזן צו עפּעס.
„אַ היימישן גנבֿ קען מען ניט א'“, שוו. ״גאָט
זאָל דיך א, פֿון אַזאַ מכשל ווי אַ מאַנס צוואָה
צו צערײַסן“, יד, א□ן נגף. „נאָר דאָך האָבן זיי
אים ניט געקענט א', דען ער האָט אַלץ געלערנט
און געלעזן“, צ. ז. רובינש טיין, דער
שרעקליכער קנס־מאָל, אַדעס 1883. ״איך וועל... א',
ער זאָל ניט קריכן אין זומפ אַרײַן“, ט.
קאַמינסקי, אַ בּיִאָגראַפֿיע □ון אַ י□)ראָל־קלען,
קיִעוו 1913.
5. צוריקהאַלטן. קאָנטראָלירן. „דער וואָס
קאָן א, דאָס מויל מיט דער צונג דער היט זײַן
נפֿש פֿון צרות,„ מס, משלי תקע״ד, בא, 23.
„די צונג איז שווערער אײַנצוהיטן פֿון די
איבעריקע גלידער“, חה, ב, 293. „די פֿרויען ווייסן
שוין ווי אײַנצוהיטן די מאַנען פֿון געלט צו
פֿאַרשווענדן“, ח. בּ. צימבּלער, די
גענעראַלשע.. , ווילנע 1887. „ווען זי וויל עפּעס, קען
דער טאַטע זי ניט א'“, חג, טמז, 1962 I□ו 15.
6 פֿאַרהיטן. א, פֿון אַן אומגליקספֿאַל פֿון
,   .
אַן עפּידעמיע. א, פֿון אַ סקאַנדאַל. א, פֿון אַ
פֿאָגראָם. א, פֿון אַ שעדלעכער השפּעה. א אַן

,

אויסגעפֿינס, מע זאָל עס ניט אויסכאַפּן. ״א, אונדזערע לײַבער אַז עס זאָל זיך אויף זיי מער ניט אָנזעצן קיין מכּות״, זבֿ, דער קלײנער כּל־בוניק, אַדעס 1885.

7. אויפֿהיטן (אַ פּאָזיציע, אַן אַמט אע). א, אַ גוטע שטעל. א, די פֿאָדערשטע רייען. א, דעם אָנדענק פֿון אַ נאָענטן. א, די אייגענע קולטור, דעם אַרט לעבן. א, דעם סדר. ״... אַריבערפֿירן אויף די קורסן אַז דו זאָלסט א, דעם סטאַזש״,

י אַליקמאַן, טאָוו, היימלאַנד, 3 1961, No.

.

8. באַהיטן, באַוואַכן. באַשיצן, ראַטעווען. איין גאָט זאָל א'! דער אייבערשטער זאָל א'. א, דעם יידנס פֿרײַהייט. א, שלום. א, די גרענעצן פֿון לאַנד. א, פֿון אַ בייז־אויג. ״איין מלך בשׂר־ודם, ווען ער איַן היט אים ים, קאַן ער דענוכט ניט היטן אויף דער ערד״, סהמ, תהלים, קמו, ה. 6. „אָט די קמיע וועט מיך א, פֿון אַלע שדים״, קינד אין וואַלד, לעמבערג 1891. „האָט אין אירווירטשאַפֿט אַ ציג מיט אַ קעפֿל קרויט... לסוף היט זי דאָך ניט איַן„, אמד, דער אָפּעקון, ווילנע 1872.

מיט ז י ך — א, זיך פֿאַר עמעצן ווי פֿאַר

א פֿגע־רע פֿאַר (פֿון) אַ היימישן גנבֿ קען
—
. ,,
מען זיך ניט א,“, שוו. ,,דער וועג פֿון
הולטײַסטווע איז ווי אַ טיפֿע פֿינצטערניש וואָס מ'קען
זיך נישט א, פֿון עפּעס אָנצושטויסן“, מס,
משלי תּקע“ד, ד, 19. “מע קען זיך כּלל ניט א',
מע קען זיך ניט באַוואָרענען, וואָס ס'איז
באַשערט דאָס איז באַווערט,,, ממוס, מסעות.
־עכ ן. ־עניש. ־ער (—ין, ־קע).
איינהיטעוודיק — אַדי. וואָס מע קען (לאָזט
--
זיך) אײַנהיטן. אַן א, האָבּ־און־גוטס. א'ע שפּײַזן.
־יקייט. [י.,היטנדיקייט, מאַרק ווב, נר.]

איינהייבּן
-

איינהייבּן — טרוו. הייבּ אײַן, ~געהויבּן.
-
1. אַרײַנהייבּן. אַרײַנשטעלן. שטעלן צוריק
אויפֿן אָרט. ,,אַך דאַרף מן אם שבּת קיין קוואטר
פֿון איין פֿענשׂטר ניט לאָזן אין היבּן אונ, אויז
היבּן“, ע)ה, סב/ב.
2. אַרײַנשטעלן צוריק אַ ספֿר־תּורה אין

אָרון־קודש נאָכן לייענען. מאַכן הכנסה. „ווען מן איין היבן וויל דא מן גיזאגט האָט 'הודו על ארץ, — זאָל מן אַן שבת אַך זאָגן דען מזמור 'הבֿו לי בני אלים'", ספֿר תּחינות פֿפֿדמ 1714.

,

„דער נאָך היבט מן דיא ספֿר תּורה אויף אונ ווײַזט דאש כתבֿ אידר מאַן. דאַרום גיט ער אויף אַלי זײַטן, גלײַך אַז דער סדר איז, דער נאָך היבט מן ווידר איין", לט1, כה/ב. "ווען ער אויז הוט צו וויקלן, זול ער דש ענד פֿון דער מפּה צום חזן צו ווענדן, דא מיט ווען מן ווידר לייאן וויל, דש מן זיא ווידר קאַן אויף טון אונ, ניט דאַרף אום קערין אונ, היבט דיא ספֿר תּורה ווידר איין", ספֿר המנהגים אַמשט 1723, ה/ד פֿרגל אויסהייבן, ב2, . 223.

.

3. אונטערהייבן. אַ ביסל אויפֿהייבן "...אין שיפֿס־קעלער אַרײַנגעגאַנגען אַ קליין פֿעסל א בראַנדווײַן מיט אַ הייבער־ליווער אײַנצוהייבן", היטטאָריע איינע שיף בראָך, וואַרשע, יאָר? איינהייבנס — דאָס (די), ־ן. מי׳, פּר. אוקר. א
 -

צערעמאָניע פֿון הכנסה, דאָס אַרײַנשטעלן די

ספֿר־תּורה צוריק אין אָרון־קודש נאָכן לייענען. „ווער ס'האָט אויסהייבּנס (דער) זאָל אויך א, האָבּן“, שוו, טענדלאַו, 865. [דאָרטן: ווער'ס אויסהייבּע, האָט זאָל אַך אײַנהעבּע, האבּע, = ווער ס'הייבּט אָן זאָל ענדיקן, אַזוי ווי: ווער עס האָט פֿאַרקאָכט די קאַשע — זאָל זי אויפֿעסן.]

איינהייט — די, ־ן. 1. בּאַזונדערע איינס וואָס לויט בּאַשטימטע סימנים טיילט זי זיך אויס פֿון אַ גרופּע. אַן א, אין אַ קאָמפּליצירטער מאַשין. די אומענדלעכע א'ן אין דער איינסקייט פֿון דער וועלט. אַן א, אין דער בּעלי־בּתישקייט. אַן א, א י ן אַ שול־סיסטעם. „יעדע פֿון אָט די א'ן אָדער מינים זײַנען אויסגעשניצט געוואָרן ווער ווייסט וויפֿל יאָרן צוריק“, ש. בּלום, דער בּוים פֿון לעבּן, נ„י 1931.

2. בּאַזונדערע אָרגאַניזירטע גרופּע (וואָס איז אַ טייל פֿון אַ גרעסערער). אַן אַדמיניסטראַטיווע, מיליטערישע אאַ א'. “... צו לערנען עבֿרית... אין יעדן לאַגער און מיט יעדער א, פֿון דער אָפּטיילונג“, מ. אהל, איק, ר“ה תשכ“א.

3. בּאַזונדערער געשלאָסענער קאָלעקטיוו מיט אייגנאַרטיקע סימנים. אויפֿטרעטן ווי אַ קולטורעלע א'. „די אַקטיאָרן שפּילן ניט פֿאַר יעדן

פֿון די טעאַטער־באַזוכער, נאָר פֿאַר זיי
אַלעמען, ווי פֿאַר אַן א'", שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. „די פֿרעמדע שפּראַכן האָבן ניט
אויסגעטיילט די ייִדישע ישובֿים און זייערע לענדער
אין באַזונדערע א'ן פֿאַרקערט, זיי זײַנען געווען א
.
פֿאַקטאָרן פֿון אַסימילאַציע", אפֿא, טמז, 1964
27 ▯ II.
4. גאַנצקייט, צונויפֿגעבונדנקייט. די א, פֿ ו ן
דער שלום־סיסטעם. "... פּראָבלעם וועגן דער

1141

א, פֿון דער ייִדישער קאָאָפּעראַציע אין פּוילן",
די קאָאָפּעראַטיון‌ע באוועגונג, 2 1926' No.
5. איינקייט. איינסיקייט. „אַפֿילו דער קערן
פֿון ייִדנטום, די א, גאָטס (אַחדות הבורא) איז
אויך פֿאַרפֿעסטיקט און געשטאַרקט געוואָרן
אין גלות", פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. „דער
רמבם שרײַבט צו דער לעצטער רעאַליטעט אַן
א, וואָס איז נישט קיין צאָל־ און נישט קיין
אָרדענונג־א'", קאָר I. „די וועלט וועט געפֿינען
איר תּיקון, זי וועט זיך צוריקקערן צו איר
אורשפּרינגלעכער א'", שנ, לעזער, דיכטער,

קריטיקער [בײַם רעדן װעגן צײַט'ס מטטרון].

6. אײנפֿורעמדיקײט. אײנמינימדיקײט. אײנהײטלעכקײט. א, פֿון טאַט. א, פֿון אידײען, פֿון דענקען אע. א'־פֿ ר אָ נ ט — פּאָליטישער טערמין און לאָזונג צו פֿאַראײניקן אַרבעטער און לינק־געשטימטע פּאַרטײען פֿאַר בשותּפֿותדיקער אַקציע.

7. אײנס פֿון אַ מאָס. מעסטן ענערגיע מיט דער א, ערג. די עלעקטרישע א'ן: װאָלט, אַמפּער, אָם.

ייִנהײטלדיק — אדי. װאָס איז מיט (האָט)
-
נאָר אײן הײַטל. א'ע אײעלעך אין דעם אײערזעקל.

ייִנהײטלעך — אַדי. 1. װאָס האָט אין זיך אַן אײנהײט, װאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אײנהײט. אַן א'ע אָרגאַניזאַציע. אַן א'ע סיסטעם. אַן א'ער צוגאַנג צו פּראָבלעמען. „יעדער ניגון איז געװען גאַנץ, זעלבשטענדיק און א'“, יק. 2. װאָס איז נאָר פֿון אײן מאַטעריאַל. א'ע שטאָפֿן. 3. װאָס איז פֿון אײן מין, לױט אײן שניט, װאָס איז אײַנגעשטעלט אױף אײן יסוד. „די שפּראַך אונדזערע [ייִדיש] מוז זײַן א, און ניט געבונדן אין קײן אײנציקן

דיאַלעקט“, מ. א. הערבערט, דאָס נײַע לעבן,
נ אַפּריל 1913. „דער ווילן אויפֿצוהאַלטן...
„'
דעם א'ן א ו י ס ל י י ג [פֿון ייִוואָ] האָט
איבערגעדויערט די מלחמה“, מוו, ייִשפּ XIX, 2. א'ע
ש ו ל = אַן אַלגעמיינע פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק. [לויט
דער שיטה פֿון פֿאָלקיסטן אין ליטע, ימ, א'ע
פֿאָלקש ול, שאַוול 1922.] 4. וואָס איז אונטער
איין אָנפֿירונג. קאָאָרדינירט. צענטראַליזירט. אַן
א'ע קאָמאַנדע. א'ער פֿראָנט.
5. ניט־פֿאַרשיידנדיק. וואָס איז אין תּוך
ענלעך, גאַנץ. אַן א'ע כעמישע פֿאַרבינדונג. א'ער
כאָר, כאָר פֿון מענער (פֿרויען). א'ע קאַלאָנאַדע.
א'ע קאָלירן. „פֿון דעם א'ן אַמעריקאַנער
כאַראַקטער זאָל אַרויסקומען אַ קאַריקאַט ר“, זשיט
II, נ"י 1912. „דאָס צעריסענע לאַנד, וועמענס
נשמה איז געכליבן א'“, ייִז, ברידער אַשכּנזי.
־קייט — א, פֿון (אין) אַ סיסטעם. „די
אַנדערע וואָס טוען עס, אויסדריקנדיק אויף אַזאַ
אופֿן די אולטימע א, פֿון דער וועלט“, שנ, ה.
לייוויק.
ייִנהייליקן — טרוו ־ליק אײַן, י,„געהייליקט.
—
.
מאַכן הייליק, אַרײַנברענגען צו דער מדרגה

פֿון הייליקייט. "עס איז אַ קלייניקייט אונדזערע נעמען אין אַ בוים אַרײַנצושנײַדן. דאָך מיר איז ווי איך וואָלט אים אין אונדזער ליבע

אײַנאײַנהייצן

געהייליקט", דפּ, דאָס נײַע לעבּען, נ,,י פּעבּ, 1913. ־דנג.

איינהיילן — טרוו. הייל אײַן, ...,,געהיילט. אַ --

בּיסל, צום טייל פֿאַרהיילן. אָנהייבּן היילן. א, אַ וואונד. א, דעם ווייטיק אין האַרצן. מיט ז י ך — ,,די מכּה האָט זיך אײַנגעהיילט אָן שום רפֿואות".

איין היים — אַדוו. אַרכ. דזוו אַהיים. אין דער ריכטונג וואו מע וואוינט אָדער פֿונוואַנען מע שטאַמט. "נחש, נחש גיא ווידר דײַן וועג א, ה,", ספֿר מע)ה השם, יז, 1696 [אַווע III]. ,,איר זאָלט דאשׂ ניט טאָן דאז מיר זאָלטן א, ה, ציהן בּײַא אונזרן קיניג דוד", מבּ, מעשׂה קמה. א, ה, שיקן = שיקן אויפֿן עולם־האמת, דער היים פֿון נשמות. "פֿעסיל בּמ"ט [בּמזל טובֿ] גילעגין איז אונ, האָט איין טאכטר גיהט, האָט אַדר

איינה אום שטיין גיזאגט ווידר איין היים
גשיקט“, פּראָגבּ, 55.
איינהיימיש — אדי. וואָס איז פֿון דער
זעלבּיקער היים, שטאָט, לאַנד. „די א'ע
באַפֿעלקערונג“, קמ, 29 1868, No. „די אַלטע
בּראַמינען
און אַנדערע האָבּן געמיינט, אַז די א'ע שוואַרצע
זײַנען מכשפֿים“, מתּתיהו מיזי״), ייִבּל XIII,
1־2. „אַז מע רעכנט אין באַרדיטשעוו בּיז
60'000 ייִדן, זײַנען דאָך פֿיל מער פֿרעמדע
ווי א'ע“, צעד. געניצט אויך סובּ: דער א'ער =
היגער, אָרטיקער.
א, וו ע ר ן — ווערן היימיש. זיך
אײַנבּירגערן. „די מאַאָריס... זענען שוין זײַט
טויזנטער יאָר דאָרט א, געוואָרן“, קמ, 5 1866, No.
איינהיימישן — טרוו. היימיש אײַן, ~

געהיימישט. 1. מאַכן היימיש. שאַפֿן אַ היימישע
אַטמאָספֿער פֿאַר אַ פֿרעמדן, צוגעקומענעם.
אינטעגרירן. א, דעם יונגן קיבּוצניק אין דעם נײַעם
סאָרט לעבּן. א, די אימיגראַנטן. „די ייִדישע
שפּראַך, מוז א, דאָס קינד אין אַ נאַציאָנאַלער
אַטמאָספֿער“. „א, טרויער און געפֿינען פֿאַר אים
אַ מקום־מנוחה„, יג, תּוך 2 .I. צוגעוואוינען

אַ בעל־חי צו נײַע בעלי־בתּים. א אַ הונט וואָס

,

מע האָט געקויפֿט. מיט ז י ך — ווערן
היימיש. א, זיך אין דעם נײַעם לאַנד. א, זיך אין
דער ייִדישער ליטעראַטור. "ער האָט צײַט
געהאַט דערווײַל זיך אײַנצוהיימישן,,, הר,
פֿאַרנאַכט. ,,אירע אויגן האָבן געשײַנט מיטן
לעבעדיקן נײַגער פֿון אַ פֿרוי וואָס קען זיך א, אין
יעדער סבֿיבֿה וואו זי קומט,,, חג, צמח אַטלאַס.
־ונג.
איינהײַפֿלען — טרוו ־פֿל אײַן, ~געהײַפֿלט.
— — I
אײַנזאַמלען, צונויפֿקלײַבן אין אַ הײַפֿל.
הײַפֿלעכווײַז. א, די צעריסענע פּאַפּירן. א, אַ פֿולע
זשמעניע קערנדלעך. —ונג.
אײַנהייצן — טרוו. הייץ אײַן, ~געהייצט.
-
.
1. (ארנטער)לייגן האָלץ (קוילן, אַ ברענשטאָף)
און אָנצינדן. א, דעם אויוון, די (ה)רובע, די
פּליטע. א, אַ קעסל. א, דעם מאָטאָר. ,,די דריטע
הייצט דעם אויוון אײַן, די פֿערטע שטעלט אַ
טעפּעלע אַרײַן", פֿל. ,,צרות ווי האָלץ — און
מיט וואָס אײַנצוהייצן דעם אויוון איז ניטאָ,,,
שוו. "... כּלן בדניאל [ג, 19] ופירושו בלשון

הסקה ובּלשון אַשכּנז אײַן הייצן“, אבּ ס ר מתּורגמן, איזנה ש“א [1541], עז/א. „אײַן צו היצן דען קאַלך אובֿן... מן זאָל אין זיבּן מאָל אַזו פֿיל אײַן היצן אַז דער שיעור איז“, סהמ, דניאל, ג, 19. „אין עטליכע ערטער זעצט מן דען שאלינט אין איין שטובּן אובֿן, אונ, דער גוי צו מאָרגנשׂ אײַנהייצט, דא נעמט ער דען שאלינט הרוישׂ“, לט 1, סה/א. “מן הי צט איין אובֿן אײַן אונ, הוט ד אַש ניט הרוישׂ גיקערט“,
,
בּראנט, מ'. „[אַוועקשטעלן קאַלטע יויך אום שבּת אויפֿן אויוון] איז אוך נישט מותּר, רק אַז דר גוי זאָל דשׂ שטעלין איי מען הייצט אײַן“, ספֿר שלחן ערוך, ח“א, זשאָלקעוו? 19. י“ה. „איין מעשׂה גשעהן בּײַא איין אַנדרי יודן — האָט אם יום־כּפּור צו מנחה לאָזן דען אובֿין אײַן הייצן...“, מנקת רבֿקה, שער הראשון, ג/ב. 2. מעט. א, די שטובּ, די מקווה, די בּאָד. *א, די ב אָ ד — אָנמאַכן אַ פֿײַער, ד“ה אַ קריגערײַ, אַ מחלוקת. אונטערהעצן.
3. אונטערצינדן. מאַכן אַ שׂריפֿה. „אונ, זיא

ווערן אָן צינדן און, אײַן הייצין מיט די
וואפּונג״, סהמ, יחזקאל, לט, 9. ״און איר מיינט,
אַז מ'דאַרף אַמאָל אײַנצוהייצן אין אַ הײַזל
צוליבֿ דעם גנבֿהלע... קען איך ניט א',,, ל.
פּימסענשטיין, די צוואָה, לעמבערג 1894.
4. אויפֿהעצן. א, אַ מחלוקה, אַ קריגערײַ.
,,... האָט גערעדט קנאַפּע צוויי שעה און האָט
שטאַרק אײַנגעהייצט זײַנע צוהערער״, טמז,
.I 19▯7)(22
5. אַרײַנבּרענגען אין התרוממות, אין
התלהבֿות. ״דער רבּי הייצט אײַן מיטן ליכט פֿון זײַן
דעת און פֿײַער פֿון זײַנע מידות״, חיים־יצחק
בּונין, חבּ״דיש, לאָדזש 1938.
מיט ז י ך — צעבּלאָזן דאָס פֿײַער בּיז דער
אויוון הייצט זיך אײַן. ־ונג. ־עכ▯ן.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איינהייקערן — ← אײַנהויקערן.
--
איינהיל — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אײַנהילן (זיך). אַ פֿלינקער א.,
2. לויזער מאַנטל, געוויינלעך אָן אַרבּל.
אייבּערקלייד וואָס מע הילט זיך אײַן אין דעם.
אַן א, זעט אויס ווי אַ מין קיטל, טאָגע. ,,גיך

כאַפּט ער אויף זיך זײַן א, און אונטער דעם
אָרעם זײַן סידור“, עט, לידער „זייער קליידונג
בּאַשטייט אין [פֿון] אַ געוועבֿ..., וואָס ווערט
אַזוי געטראָגן וו אַ רוימישע טאָגע (א') און
׳
לאָזט פֿרײַ דעם רעכטן אָרעם“, קמ, 1864' No
37. “דער טלית ווערט אויס סתּם קלייד און א'.
ער זונדערט זיך אָפּ פֿון אַלע א'ן און ווערט
דער טלית פֿון אַ ייִד אַ בּעל־תּורה“, ש בּיקל,
שרײַבּער פֿון מײַן דור I.
3. צודעק פֿאַרן קאָפּ. לאַנגער שלייער וואָס
הילט אײַן די פּלייצעס. „אין קראָקע פֿלעגן
טראָגן די ווײַבּער וו אַ ווײַס לײַלעך איבּער דעם
׳
קאָפּ פֿאַר אַן א'“, ארז, קמ 4 1866, No. „טוען
מיט איין וואָרף □ון אַן אַקסל אַ שאַר אַרויף
אָדער אַראָפּ דעם א'“, רחל אויערבּאַך, אין לאַנד
י□ראל.
4. אײַנדעק, איבּערדעק. איבּערצי. דאָס מיט

וואָס מע הילט אײַן. “דעמאָלט זע איך דאָס
מעבל אָן אַן א, — געלע פּייגל און גרינע

בלעטער“, פּרץ, 'פּורים־שפּילער'. “אַלע
באַשעפֿענישן, וואָס לעבן... האָט גאָט אַ גוט א,
געגעבן, וואָס זאָל זיי פֿאַרהיטן פֿאַר דער קעלט“,
עט, לידער. “'מעטהו קנאה, — זײַן א, א ז
רעבענונג פֿון משפּט“, מחזור לראש השנה,
סלאַוויטע 1832, טו/ב. “טונקלען זיך ין דעם א,
פֿון דער נאַכט“, ווײַס I י, 'אין דער שטיל'.
5. קאַמופֿלאַזש, מאַסקע. פֿאַרשטעלעניש.
“נאָר היט זיך... איר זאָלט זיך ניט
אויסרעדן פֿאַר מײַן מאַן, — איר האָט זיך אַ נאַטור
אַמאָל אַרויסצוכאַפּן אָן אַן א'“, קמ, 1868, No
43. “וויסנשאַפֿט און בפֿרט אַן איינפֿאַך אמת
וואָרט אָן אַן א, זײַנען אַזדינע... מאכלים, אַז
דאָס פֿאָלק קען זיי ניט פֿאַרדײַען„, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.
איינהיל(ד)זן — טרוו. היל(ד)ז אײַן, ~

געהיל(ד)זט. אַרײַנשטאָפּן טאַבעק אין הילדזן.
שבת־צו־נאַכטס א, פֿאַפּיראָסן אויף אַ גאַנצער
וואָר.
אײַנהילונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אײַנ ־
הילן. דאָס מיט וואָס מע הילט (זיך) אײַן.

אײַנהיל. ״זײַן [גאָטס] א, איז אײיפֿערונג״, יוצר ליום כּפּור, פֿדמ 1885. ״דאָס פֿאָלק אין זײַן רײַכער און שײנער א'ס־שפּראַך באַנוצט זיך דערמיט אָנצורופֿן פּאַפּיר וואָס ווערט דאַן געבּרויכט 'אַשר־יצר־פּאַפּיר'״, יע, דער וואונדעראוצר ון דער יודישער שפּראַך, וואַרשע תּרנ״ח.

אײַנהילן — טרוו. היל אײַן, ,געהילט.

-

1. אײַנוויקלען, פֿאַרוויקלען. א, עמעצן אין אַ טור, לײַלעך אע. „די מוטער האָט זיי אײַנגעדעקט און אײַנגעהילט״, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. ״האָט מיך אײַנגעהילט, פֿאַרוויקלט אין אַן אַלטן, געלן טלית — אונדזער אַלטע אוניפֿאָרעם, אונדזער ייִדישער מונדיר״ פֿרוג

,

III. טוו פֿאַר 'עטף, (תּהליס, סה, 14), מלל, פֿח/ב.

2. באַדעקן פֿאַרדעקן (פֿײַערלעך). ״בײַנאַכט

,

האָט געשיט אַ שנײעלע און אײַנגעהילט די ערד מיט אַ נײַעם ווײַסן מאַנטל״, ממוס 'שבּת'. ״צעריסן ליגן שלײערן וואָס האָבן אײַנגעהילט

ס'געזיכט פֿון וואונדערלעכע אָדאַליסן,,, צײַט,
מטטרון.

3. דז פֿיג. ‘‘אַ האַרבסטיקער פֿײַכטער נעפּל
האָט איַ□ געהילט... די מענטשן‘‘, יוסף
סמאָלאזש, 'בײַם אָפֿענעם קבֿר'. ,,ס'הילט דער
אָוונט־בלו אַן אַלטן טורעם אײַן‘‘, דא, וו אָלעט
ר י
,,לבֿנה־זאַמד האָט אײַנגעהילט די ווײַטקייט פֿון
די פֿעלדער‘‘, סעג, קאַפּריזן. ,,מיר וועלן א, דאָס
ליד אין בלויע טיכער און אפֿשר גאָר
אײַנוויקלען אין פּראָסטן ווײַס‘‘, הל, בלאט...
עפּלבויס ‘‘גאָטש שכינה וועט אים א‘‘, מחזור.. ,
הומבדרג 1721.

4 פֿאַרשלייערן. באַהאַלטן. א, אין אַ סוד,

□ □

.

אין אַן אַטמאָספֿער פֿון סודדת זייערע
באַציאונגען (דיפּלאָמאַטישע פֿאַרהאַנדלונגען). ,,.... איז
ניט גורס דאָס א, אין אַ ראָשי־תּיבֿות־מענטעלע,
ער רופֿט אָן אַלע... [גאונים] בײַ זייערע

נעאײַנהיצן

מען'', ד. י. זילבערבוש, מענשען און
געשעהענישען, ווין 1931. ''דעם 'איך, האָט מען
אײַנגעהילט אין לבֿוש פֿון חסידות... ס'איז באמת
פֿײַנלעך צוצוזען'', לדב, נ'' תשי,,ז. ''היל דײַן
פֿאַרדאָרבנקייט ניט אײַן אין פֿינצטערניש פֿון
אור'', פּמ, מלחמה. פֿיג. ''היל אײַן מיך אין די
וואָלקנס'', יעק פֿרידמאַן, נפֿילים, ת אַ 1963.

,,
5. דורכנעמען, דורכדרינגען. איבערשטײַגן.
,,התלהבֿות האָט אונדז אײַנגעהילט''. ''פּחד האָט
דעם מענטשן אַ פֿאַרלוירענעם... אײַנגעהילט'',
הר, לייס ''די תּפֿילה פֿון דעם עני הילט אײַן
אַלע תּפֿילות פֿון די ישׂראל'', קה
מיט ז י ך — צום ב 1: זיך א, אין טלית.

אורח פֿאַרטײַטשט 'יעטו, (תּהלים, עא, 13):
,,זאָלן זיך א''. ,,איך האָב זיך געמוזט א,,
אײַנטוליען אין מײַן גראָען וועגמאַנטל,,, אמד,
כ'' ,,האָט זי זיך אײַנגעהילט אין אַ טונקעלן
דעקטוך'', ממוס, 'אַ גרויע האָר,. ''הילן זיך
אײַן אין קליידער און דראַפּעריעס'', ייז, 'אין

דער פֿינצטער,.
צו די בּב 2־4: א, זיך אין אַ מאַנטל פֿון צידקות. ״אין אייגענעם אויסגענעפֿלטן שווייס האָט זיך אײַנגעהילט די ערד״, פּרץ, 'עס זענען קיין וואונדער געשען'. ,,די שײנקייט סוף טאָג אין העל־בּלוי הילט זיך אײַן״, הל, בּלאט... עפּלבּוים. ״האָט אַפֿילו נישט קיין וואַרעם שטיקל גלויבּן מיט וואָס זיך אײַנצוהילן״, נאַד ,,לילית האָט געלויערט אומעטום... תּחילת האָט זי זיך אַפֿילו אײַנגעהילט אין אַן איצטלא פֿון קדושה״, ח. אַיאַלטי, איק, ר״ה תּשכ״ד. ״אין וואָלקנס הילט די זון זיך די פֿרימאָרגנדיקע אײַן״, פּמ מלחמה.
*א, זיך א י ן עמעצן = אײַנקלאַמערן זיך, אָנטשעפּען זיך מיט פֿאַלשע מאָנונגען, אויספּרעסן געלט. ,,ער האָס זיך אײַנגעהילט אין מיר און איך האָבּ אים געמוזט געבּן טויזנט זלאָטעס, בּיז איך בּין פּטור געוואָרן״, רייד (וואַרשע).
איינהילעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). דאָס מיט --
וואָס מע הילט (זיך) אײַן. טוו פֿאַר 'הרעלות, (ישעיה, ג, 19) אָנהייבּ 20. י״ה אין פּאָד [אין ישעיה פֿירוש ע▯רי־טײַטש, לעמבּערג 1877 —

,,אײַנהילן‘‘, תּי: ,,שלײערס‘‘]. ‘‘זיך לאַנג
געפּאָרעט אינעווײניק מיט דער א',,, י. טיגער,
דער צדיק און דער בּעל תּש ו ה.

איינהילען — טרוו. ־לע אײַן, ~געהילעט.

לר, טמ. דזוו אײַנהילן. ‘‘הילע גוט אײַן די
סקינד, ס'איז אַ פֿראָסט,,. אויך מיט ז י ך.

איינהילעניש — דאָס & די, ־ן. פּראָצעס פֿון

אײַנהילן (זיך) דזוו אײַנהילעכץ. ,,דאָ איז
קאַלט... און דו גײסט אָן אַן א'‘‘, קמ, 1870,
ll No. ,,אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן עפּעס אַן
א, פֿון ווײכן שוואַרצן געוואַנט‘‘, י. טיגער, דער
צדיק און דער בּעל תּש ןבה.

איינהיצן — טרוו. היץ אײַן, י.,געהיצט.

1. מאַכן עס זאָל זײַן זײער הײס. א, אײַזן
פֿאַרן שמידן. א, די שטובּ. 2. אויפֿרודערן.
אַרײַנבּרענגען אין אַ צעהיצטקײט. א, די (
אַטמאָספֿער פֿון דער) דעבּאַטע. מיט ז י ך —

איינההדיק

1. דזוו אויפֿהיצן זיך (→ 432). 2.
פֿאַרשוויצט ווערן. א, זיך, בּאַגאָסן ווערן מיט שוויס. ־עניש.
איינהנההדיק — [... האַנאָכע...] אַדי.
וואָס איז פֿון (געבּויט אויף) איין הנחה. א'ער בּאַוויַז ־יקייט.
.
איינהעליק — אַדי. Mhd: e n־h lle . אַרכ.
איינשטימיק. וואָס איז בּהסכּם כּולם. "עס ווירט לכּל בּעלי בּתּים... קונד גמאכט דז בּוועד הגדול פֿולגנדי... איין העלליג ער וועהלט וואַרדין,,, 'פֿראָגער תּקנות קעגן לוקסוס,, תּקכ,,ז [ייִבל 38 ,I].
איינהעלפֿן — אוטוו. העלף איַן, ~געהאָלפֿן.
־
צוהעלפֿן, העלפֿן אַ בּיסל. א, עמעצן [דאַטיוו] טאָן אַן אַרבּעט.
איינהעמען — טרוו. העם איַן, ~געהעמט.
--
דטשמ. דזוו איַנהאַמעווען →. צוריקהאַלטן. אונטערדריקן. "זיי וואָלטן... בּאַדאַרפֿט א, זייער אייגענע שטימונג", טאָז־ידיעות, וואַרשע 1929, No 10־11. ־ונג.

איינהענגען — טרוו. הענג איַין, ~געהאַנגען,
.
~געהאָנגען (פּד אויך: ~געהענגט).
אַרײַנהענגען. א, די קליידער אין שאַ ע. מיט
ז י ך — ,,זי האָט זיך אײַנגעהאַנגען אין אים...
אויס מורא פֿאַר יענעם", נאַד איבּז, פּ.
אַלטענבּערג, ווי איך זע עס.
איינהענטיקן — טרוו ־טיק איַין, ~
געהענ— .
טיקט. אַרײַנגעבּן. איבּערגעבּן אין די הענט
אַרײַן. א, דעם מלווה דאָס געלט. "... שיקבּל
שי, כּתבֿ ידו על איזה זמן שירצה אײַן צו
הענדיגן", אגרת שלמה, א/ב.
איינהענטלדיק — אַדי. 1. וואָס האָט (איז
מיט) איין הענטל. א'ער קופֿערט. 2. וואָס מע
קען האַלטן מיט איין האַנט. ,,מיט אַ קורצער
א'ער זעג... אָפּגעזעגט...,,, י. פֿרידמאַן איבּז,
וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער־, מינסק
.193()
איינהעפֿטן — טרוו. העפֿט איַין, י.,געהעפֿט,
-
י.,געהאָפֿטן. 1. אײַנוועבּן, אײַנשטיקן,
אײַנהעקלען, אײַננייען. אײַנפֿלעכטן. , בּלומען

אין יום־טובֿדיקן טישטעך. 2. אײַנשליסן. א, לידעלעך אין דער קאָמעדיע. 3. אײַנפֿעסטיקן. א, די בײגעלעך פּאַפּיר, זיי זאָלן זיך ניט צעשיטן.

מיט ז י ך — 1. צושטיין, צוקלעפּן זיך. „דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלײַכט, אָפּגעשאָקלט דאָס שטרוי וואָס האָט זיך אײַנגעהעפֿט אין איר קלייד", ווײַס 'אַ וואַלדמיידל'. 2. אַרײַנפּאַסן זיך, צונויפֿפּאַסן זיך. אײַנפֿלעכטן זיך. א, זיך אין טאַנץ. „די נײַ־געקומענע... האָבן זיך... אײַנגעהעפֿט אינעם... גאַנצן אַרומיקן אימפּעט", ש. פּערסאָוו, אויצרעס, מאָסקווע 1939.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.

איינהעצן — טרוו. העץ אײַן, ~געהעצט. אַ
--
לענגערע צײַט שטאַרק אָנהעצן, אָנרייצן. א, דעם המון קעגן ייִדן. ־עניש.

איינהעצקען — טרוו. ־קע אײַן, ~

געהעצקעט. 1. אײַנשאָקלען. אײַנוויגן. א, אַ קינד

אויפֿן שויס. 2. נעמען אויף דער העצקע. דזוו

אײַנהעצן, פּעיאָ. מיט ז י ך — זיך א, און זיך אַוועקלאָזן אין אַ ווילדן טאַנץ ־עניש.

.

אײנהעקלדיק — אַדי. וואָס איז מיט איין העקל. אַן א'ער פֿוטערנער קאָלנער.

אײנהעקלען — טרוו. ־קל איַן, ,געהעקלט.

־

אײַנאַרבעטן, אײַנשטיקן, אײַנשטריקן מיט אַ העקל, נאָדל. א, קאָלירטע פּאַסן אין דער וואָלענער בלוזקע. מיט ז י ך — א, זיך אײנער אין דעם אַנדערן = ווערן שטאַרק צוגעבונדן. ־ונג. ־עניש.

אײַנהעקערן — טרוו. ער איַן, י,, געהעקערט. 1. אײַנטיילן אויף קלענערע חלקים (וועגן פֿלייש). א, פֿונטעלעך פֿלייש פֿאַר די אָרעמע קונים. 2. בײַם פֿאַרקויפֿן לאַחדים פֿאַרלירן, אָנווערן. א, עטלעכע פֿונט בײַם פֿאַרקויפֿן אַ זאַק צוקער.

אײַנהער — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנהערן (זיך). קלאָרער א'. 2 פֿטמ.

־

.

דאָס אָנגעשפּיצטע, אויפֿמערקזאַמע צוהערן זיך. ,,מיט א, נאָכגעגאַנגען די רייד... און געקאָנט

זיי איבערזאָגן", רייד (קאָוונע).
איי'נהעריק — אדי. מוו נעאָל. סטוטש 313.
.
אויפֿמערקזאַם בײַם הערן ־יקייט.
.
אײַנהערן — טרוו. הער אײַן, ..,,געהערט.
1. הערן אויפֿמערקזאַם. דערהערן. א, אַ ברכה און טויב ווערן בײַ אַ קללה. א, אַ גערויש פֿון דער ווײַט. ,,איך הער עפּעס אײַן אַז אימעצער איז אין הויף אַרײַן", אָ. בודזאָהן, המן מיט מרדכי'ן, ווילנע 1901. 2. אַרײַננעמען אין זיך. אויס אָלגן. ".— וואָס איז דער חילוק צווישן
-
מתנגדים און חסידים? — מתנגדים דערהערן, חסידים הערן אײַן" פֿוול.
,
אײַנהערן זיך — אוטוו. הער זיך אײַן, זיך
--
,געהערט. 1. צוהערן זיך. זיך א, אין דעם ניגון פֿון דעם לערנער. א, זיך צום אָרקעסטער. א, זיך צום גערויש פֿון די כוואַליעס. ,,איך הער זיך אײַן! דאָרט אין אַ קוסט אַ

קורצער טרעל פֿון גליק, פֿון לוסט“, סעג, שטילע טרוימען. „וואָיען זיי, אַז די חיות אַרום האָבן מורא זיך אײַנצוהערן“, מלה, די גאָלדענע פּאַווע. “שטיין געבליבן זיך א, ווי מע לערנט אין קלויז“, חג, 'דער שטומער מנין'. “די שטערנדיקע שטילקייט הערט זיך אײַן אין שטילן אָטעם פֿונעם לעבן„, האָפּ, 'אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן'.

2. מיט אינטערעס, אויפֿמערקזאַם הערן. הער(ט) זיך אײַן צו מײַנע רייד! „הערט זיך אײַן וואָס עס איז געוואָרן“ פֿרום זיך א, צו

.

(אין) אַ ברכה. זיו א, מיט קאָפּ, מיט דבֿקות. א, זיך און צושאָקלען מיטן קאָפּ. „אוי וויי, מאַמע, איך האָב זיך אײַנגעהערט: רעדט ער נישט קיין שלעכטס אויף מיר“, פּל. “פֿלעגט אויסגיסן זײַן שווער האַרץ... און ישׂראל פֿלעגט שטיין און שטאַרק א, זיך„, ראו ן בריַנין, שריפֿטן. “אַלטע רבנים... זענען געשטאַנען אין אַ קופּקע, זיך אײַנגעהערט צו אַ זקן מיט אַ קלוג, איידל פּנים“, אָפּאַ, אַליין.

איינוואָגיק

,,זיך אײַנגעהערט צו יעדנס וואָרט, צו יעדנס אויסגעשריי‘‘, הל.

3. אונטערהערן. הערן וואָס מע רעדט צו אַנדערע. ‘‘איך ליג אויפֿן בעטל, הער זיך אײַן אין אַלע זייערע טענות‘‘, ממוס, ,בישיבֿה של מעלה!. ,,דערבײַ זאָלסטו אַוועקשטעלן עפּעס אַ קלוגן מענטשן הינטערן שפּײַכלער, און ער וועט זיך א, וואָס זיי ריידן‘‘, יק. ‘‘יחיאל איז צום ערשט געשטאַנען פֿונדערווײַטנס, עס האָט אים געצויגן צוצוגיין און אײַנצוהערן זיך‘‘, אַש, תּהילים־ייִד.

4. אויספֿאָלגן. נעמען אין באַטראַכט. א, זיך צום דאָקטערס רייד, צום אַדוואָקאַטס עצות. א, זיך צו די קאָמאַנדעס. א, זיך צום אייגענעם געוויסן. א, זיך צום דעת־הקהל.

5. דערשפּירן, אויפֿנעמען מיט אַלע חושים. ,,זיי שמועסן צווישן זיך, זיי הערן זיך אײַן מיט אימהדיקער גלוסטונג פֿון מענטש און חיה אין די קנאָכנס‘‘, א. שומיאַטשער, גק No 41.
,,ס'איז ווערט... זיך אײַנצוהערן אין דעם שטיל־אינטימען איבערשמועס פֿון זייערע בליקן‘‘, ש. ביקל, טמז, 1960 XI 12.

6 פֿאַרנעמען, באַנעמען. א, זיך אין די שטי.

מען פֿון אַרום. „און דאָ האָט טאָלסטאָי, זיך
אײַנהערנדיק אין שטים פֿון דער נשמה,
באַמערקט זייער אַ וויכטיקע זאַך“, זשיט,
שריפֿטן I, נ„י 1940.
־עכץ. ־עניש — „טעג זײַנען סאַרגאַנגען
אין גרינגן פֿראָסט, אין טיפֿער א,“, בערג, אין
אַ פֿאַרגרעבטער שטאַט.
איינהערעוודיק — אַדי. וואָס קען (איז
.
מסוגל) גוט זיך אײַנצוהערן (און באַנעמען).
אַן א'ער אויער. א'ער קריטיקער ־יקייט —
.
“אַן אָפּגעהיטקייט פֿון לשון וואָס האָט געוויזן
אויף אַ באַוואוסטזיניקער א, אין ייִדישן וואָרט“,
יג, איק, 1955.
אײַנהערשן זיך — אוטוו. הערש זיך אײַן,
זיך ~געהערשט. אײַנשטעלן זיך ווי אַ
דאָמינירנדיקע שטימונג. “דער 'שמש', האָט שוין
פֿאַרלאָשן אַלע לאָמפּן, און דאָך האָט זיך נאָך
ניט אײַנגעהערשט קיין שטילע אין אים“. י. ל.
אָסטרינסקי, נײַעס פֿון יענער וועלט, ווילנע
.1927
אײַנהקדשן — [... הע'קדעשן] טרוו. הקדש
אײַן, ~געהקדשט. 1. אײַנשמוציקן,

איַינבּרודיקן. א, די קליידער. 2. מאַכן עס זאָל
אויסזען ווי אַ הקדש. א, די שטוב. אַרײַנבּרענגען
קראַנקע אורחים און א, דאָס גאַנצע הויז.
איינהריזנען — טרוו ־זנע איַין, ~געהריזנעט.
—. .
אוקר. דזוו איַינגריז(ש)ען. ,,זיך א, און זיי
צעבּײַסן‘‘, פּמ, מלחמה.
איַינוואַגאָנירן — טרוו. ־ניר איַין, ~
וואַגאָנירט. 1. (סוחריש) אַרײַנלאָדן אין וואַגאָן.
,,ווען וועט מען א, די תּבֿואה?‘‘. 2. אַרײַנזעצן
אין וואַגאָנען. א, די בּעזשענצעס און אַוועקשיקן
זיי ערגעץ אין טיף ראַסיי. ־ונג.
איינוואָגיק — אַדי. וואָס איז פֿון אַ גלײַכער

איַינוואָגלען

וואָג מיט אַן אַנדער זאַך. א'ע זעק צוקער.
־יקייט.
איַינוואָגלען — אוטוו. ־גל איַין, ~געוואָגלט.
אַרײַנוואָגלען. אַריבּערקומען, אַרײַנקומען נאָך
וואָגלענישן. ‘‘אויסגעוועץ אין עטלעכע
לאַטייןאַמעריקאַנער לענדער בּיז איך האָבּ
איַינגעוואָגלט אַהער,,, רייד (לימאַ, פּערו) —עניש.
.

איינוואַדזגען — טרוו ־גע אײַן, ,
געוואַדז— .
געט. פּפּ: ~וואַצקען. אײַנשמירן,
אײַנבּלאָטיקן, אײַנבּרודיקן. א, יענעמס לײַלעכער.
איינוואוינונגדיק — אדי וואָס האָט נאָר
איין וואוינונג. א'ע הײַזקעס.
אײַנוואוינען — טרוו. וואוין אײַן, ~געוואוינט.
אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אָנהייב 20. י,,ה.
וואוינען אין אַ דירה און אַ בּאַשטימטע צײַט
ניט צאָלן קיין דירה־געלט. ,,א, פֿינף חדשים" =
אַרײַנקלײַבּן זיך אין אַ דירה, בּאַצאָלן פֿאַר איין
חודש דירה־געלט, דערנאָך ניט צאָלן, און בּיז א
דער בּעל־הבּית קען געריכטלעך אַרויסןעצן —
וואוינען און ניט צאָלן קיין דירה־געלט 5
חדשים. "די ערשטע פּאַר יאָר זײַנען געווען א
שווערע יאָרן. מע האָט אָבּער גרינג געקענט
קריגן אַ נײַע דירה. האָט מען אַז י געמאַכט
אַז אין איין יאָר האָט מען געהאַט דרײַ
פֿאַרשיידענע דירות. מע האַט אײַנגעוואוינט נײַן
חדשים אין יאָר", רייד (נ"י). מיט ז י ך —
וואוינען צווישן נאָך (אַנדערע) מענטשן און
ווערן מיט זיי היימיש, פֿרײַנדלעך. א, זיך
צווישן ווילד־פֿרעמדע מענטשן. א
אײַנוואוינער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

1. ווער עס וואוינט באַשטענדיק אין אַ
געוויסער שטאָט (שטעטל, דאָרף אע) אָדער לאַנד א
(אַ טייל פֿון לאַנד אָדער אַ סכום לענדער). א'ס
א

פֿון אַלע מלחמה־לענדער. היגע א'ס. אַ
וויסטעניש אָן א'ס. „דען זי הבּן גאַנגשׂט און
גציטרט אַלי די אין וואונירשׂ פֿון (מזרח אונ,
מערבֿ)“, יוסיפֿון פֿיורדא 1764, ה/ב. “אין דען א
,
זעלבּיגן טאָגן וואַרן אַלי די אין וואונר פֿון
סדום אונ, עמורה גאַר בּיזי אונ, זינדיגי ליַיט

זער“, ר, יעקבֿ בּר, מתּתיהו איבּז, תּם וישר, א
פֿיורדא 1768. “זיא שריַיען אַללי די איינוואניר,
יהודים אונ נוצרים, אויך די פֿון פֿרעמדי
לענדיר...“, מע ה אומן. „איז זייער שווער אַז
די א, פֿונעם לאַנד זאָלן חבֿר ווערן מיט ייִדישע
קינדער„, ממוס, אַ סגולה....
צונויפֿהעפֿטן: דאָרף־א', שטאָט־א', אינדזל־א',
בּערג־א', גרענעץ־א', סטעפּ־א', וואַלד־א, אע
2. ווער עס וואוינט אין אַ באַשטימט הויז
אָדער דירה. די א'ס פֿונעם מויער. “דער א,

פֿון ווײַסן הויז האָט אַ קאָנטראַקט אויף פֿיר
יאַר“, רייד (נ״י). ”דער קראַנקער [אויף פֿלעק
א
-

▯

טיפֿוס] איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל
און די א, פֿון דער דירה — אין אַן
איזאָלאַציעצענטער אויף צוויי וואָכן“, דר, מ לענסקי,
פֿגעז, פּאַריז 7 1948, No.
3. ווער עס וואוינט באַשטענדיק אין אַ
באַשטימטן טייל שטאָט. די אומגליקלעכע א'ס פֿון
די געטאָס וואָס די נאַציס האָבן אײַנגעשטעלט.
„די א, פֿון געטאָ פֿלעגן זיך דערוויסן פֿון די א

1144

פֿרעמדע יום־טובֿים דורך די גלאָקן“, סעג פֿון
,
רוסלאַנד, וואַרשע 1920.
4. געניצט אַנשטאָט: בעל־הבית, בירגער.
אויך אַנשטאָט: לעבעדיק באַשעפֿעניש. „שלום
וואַר אין לאַנד צווישן אירע אייגענע א'„, אמד,

דער טויטע גאַסט, דווילנע 1869. ״דער סיריער
גענעראַל איז געקומען צו נייטן די ייִדישע א',
זיי זאָלן אַוועקלאָזן זייער רעליגיאָן״, אַלכּסנדר
האַרקאַווי, די יודישע רעוואָלוציאָן, נ״י 1892.
״געפֿאָדערט... אַ געזעץ אַז אַלע א, זאָלן זיך
מלה זײַן״, פּ. קריטשעווסקי, יודען אונד יודענ—
טהוס בּאַרדיטשעוו 1894. ,,די ליכטיקייט פֿון
דער זון וואָס לײַכט צו דער ערד און צו די
א'ס״, תּניא, עח.
־שאַפֿט — 1. סכום אײַנוואוינערס פֿון אַן
אָרט, לאַנד אע ״די א, פֿון אַ פּלאַץ״, מוו,
שוואַרצע פּינטעלעך. 2. שכנות, שכנישאַפֿט.
שפּ ־ייִד, ווב, בּ״א 1931.
ייִנוואולגאַריזירן — טרוו ־זיר אײַן,
—
.
...,,וואולגאַריזירט. מאַכן וואולגאַר.
אײַנשמוציקן. א, די אייגענע שפּראַך. ־ונג.
ייִנוואונדערן — טרוו ־ער אײַן, ~
געוואונ—
.
דערט. נעאָל מאַכן (דערציילן, שילדערן אע)
אַז ס'זאָל אויסזען ווי אַ וואונדער. ״דעם
צעצוווײַגטן קאָפּ, די פֿרומע אויגן, דאָס ציטערדיקע
מויל פֿון אַ קליין ייִדיש קינד ווער איך א, אין
אַזאַ פּאָרכטיק מעשׂהלע״, יג, 'נישט די מתים

לויבן גאָט'.

ייִנוואוקס — דער, ־ן. פּראָצעס אָדער רע־־
זולטאַט פֿון אײַנוואַקסן. גיכער אָדער פּאַמעלעכער א'.

ייִנוואור — ← אײַנוואָרף.
--

ייִנוואַזאָנירן — טרוו ־ניר אײַן, ~
וואַזאָ—
.
נירט. אײַנפּלאַנצן אין אַ וואַזאָן. אַרײַנשטעקן אין אַ וואַזאָן. א, קינסטלעכע בלומען.

ייִנוואַזעלי'נען — טרוו ־לין אײַן, י,(גע)־
—
.
וואַזעלינט. פּפּ. ־יר. אײַנשמירן, אײַנרײַבן

מיט וואַזעלין. א, די הענט.

ייִנוואַזשען — טרוו ־זשע אײַן, י.,,
געוואַ—
.
זשעט. וורר. 1. אײַנמוטיקן, אַרײַנגעבן מוט, קוראַזש. מאַכן מע זאָל זיך דערוועגן. א, דעם

שפּילער צו שטעלן אַלץ אין קאָן. 2. רירן פֿון אָרט אָדער הייבן אַ שווערע משׂא אויף אַזאַ מין אופֿן: אונטערן הייבשטאַנג, וואָס איז אונטערגערוקט אונטער דער משׂא, אונטערלייגן אַ קלעצל אָדער אַ 'טשורקע, און זיך אָנלייגן מיט אַלע כּוחות אויפֿן אייבערשטן טייל פֿון הייבשטאַנג און א, ביז עס רירט זיך. מיט
ז י ך. —עניש.
יִנוואַטע(ווע)ן — טרוו ־טע(ווע) איַין,
—-
.
~געוואַטע(ווע)ט. פּפֿ: ~וואַטענען. 1.
איַינלייגן (אַריַינלייגן) וואַטע (כּדי מאַכן וואַרעם אָדער צוגעבן אַ פֿאָרעם). א, פּלייצעס. א, די בררסט. 2. אַרומוויקלען מיט וואַטע.
אַריַינלייגן אין וואַטע (כּדי ניט צעברעכן). א, גלאָזוואַרג. א אַן אתרוג אין אתרוגים־ביקסל.
,

יִנוואַכן — טרוו. וואַך איַין, ~געוואַכט.
-

איַינוואַנדלען

איַינהיטן. א אַ קינד פֿון שלעכטע מעשׂים.

,

—ונג. ־עניש.

איינוואַלגערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

געוואַלגערט. 1. אײַנוואַרפֿן; צעוואַרפֿן. א, אַ הויז, אַ וואַנט. דער שטורעמווינט האָט אײַנגעוואַלגערט די בײמער אין וואַלד. "צפּויאָס זשע ווילסט יעצט א, דעם בנין, וואָס דו האָסט מיט דײַנע הענט געבאָוועט?", ייִל איבּז, ג. לעססינג, נתן החכט, אַדעס 1884. ‏א, דעם אויוון = אויסדריקן צופֿרידנקייט מיט אַ זעלטענעם גאַסט, זײַן גרייט אים פֿײַן אויפֿצונעמען. ,, וואַלגערט אײַן דעם אויוון, מיר האָבן אַ גאַסט, אונדזער שוועסטערקינדל איז געקומען", אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940. פֿיג, א, יענעמס לופֿט־שלעסער.

2. אײַנקײַקלען, אײַנקאַטשען. א, עמעצן אין שניי, אין בלאָטע. 3. דין מאַכן טייג מיט אַ וואַלגערהאָלץ. א אַ בלאַט לאָקשן. 4. אויס,

קײַקלען אין עפּעס. א, וועש אין אַ וואַליק. א, די לײַלעכער דורך (מיט) אַ מאַנגל. 5. (ספּאָרט) אומוואַרפֿן. אַנידערוואַרפֿן. א, דעם קעגנער.

מיט ז י ך — 1. (פֿון זיך) אײַנפֿאַלן,

צעפּאַלן. די וואַנט וואַלגערט זיך אײַן. "זי האָט
נעבעך זיך אײַנגעוואַלגערט, געוואָרן אַ חורבֿה„..
2. אַרײַנוואַרפֿן זיך. אַ פֿאַל טאָן מיד, אַפּאַטיש.
"נאָר סוף־כּל־סוף וואַלגערט זי זיך אײַן אין
בעט אַרײַן... און שיסט אויס מיט אַ
האַרץ־רײַסנדיקן געוויין", בערג. ־ונג. ־ניש.
איינוואַל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אײַן, ,
גע—
.
וואַל(י)עט. אײַנוואַרפֿן. דזוו אײַנוואַלגערן, בבֿ
1־2. „געלאָזט די מויערן פֿון ירושלים א'", קמ,
1865' No ll. "... ווי אַ שטורעם־באָק
אײַנגעוואַליעט די באַפֿעסטיקונגען", י. טיגער, דער
צדיק און דער בעל־תּשובֿה. *א, אַ וו ע ל ט =
דזוו אײַנלייגן אַ וועלט. *א, די ט ר ע מ בּ ע=
אַנידערוואַרפֿן, בײַקומען אין אַ פֿאַרמעסט (
געשלעג) אַ דיקן מאַן (אויך אַ שיכּור).
מיט ז י ך — „וואָס פֿון אים איז געוואָרן!
זיך אײַנגעוואַליעט ווי אַן אַלטע שקאַפֿע". „עס
ציטערן פֿון בערג די גרונטן — קראַך־קראַך!
אָט וואַליען זיי זיך אײַן", ממוס, קליאַטשע.
איינוואַלצן — טרוו וואַלץ אײַן, ־,געוואַלצט.
־
אַרײַננעמען אין דעם אַרבעט־פּראָצעס פֿון

וואַלצן. א, דעם שטאָף.
איינוואַלקן — טרוו וואַלק אײַן, ~געוואַלקט.
-
אויך: ~וואַלקעווען. אײַנשטײַפּן, דיקער
מאַכן לעדער. א אַ פֿעל. ← אויסוואַלקן, 227.

,
איינוואָלקענען — טרוו ־קן אײַן, ~
געוואָל—
.
קנט. 1. פֿאַרציִען מיט אַ וואָלקן. דער ווינט
וואָלקנט אײַן דעם הימל. 2 פֿיג פֿאַראומערן,
. פּ
מאַכן טרויעריק, מרה־שחורהדיק. „אַ
משונהדיק־שווערע שטימונג הייבט זיך אויף פֿון דעם
גרונט פֿון אײַער נשמה און וואָלקנט זי אײַן,„
זשיט I, נ"י 1912. מיט ז י ך — דער הימל
האָט זיך אײַנגעוואָלקנט.
איינוואַנדלען — אוטוו ־דל אײַן, ~
געוואַנ—
.
דלט. 1. דזוו אײַנוואַנדערן (מיטן בײַבאַטײַט
פֿון נע־ונדקייט). 2. צופֿעליק אַרײַנקומען,
אַרײַנבלאָנדזשען. „פּלוצלינג, שפּעט אין אָוונט

אײַנוואַנדערונג

וואַנדלט ער אײַן צו אונדז„ —ונג ־עניש.

. .

־ער.

איינוואַנדערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

־

רעזולטאַט פֿון אײַנוואַנדערן. אימיגראַציע. א, קיין אַמעריקע. דערמוטיקן פֿאַרגרעסערן אָדער

,

באַגרענעצן, אָפּשטעלן די א'. „ווען איך טראַכט וועגן א, אין דער מדינת־ישׂראל פֿון אַמעריקע, טראַכט איך... וועגן ניט־פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן וואָס פֿאַרלאָזן אַמעריקע מיט אַ ברכה, ניט מיט אַ קללה", גרינ, איד און וועלט "האָט מען אויף די דאָזיקע אײַנוואַנדערער [פֿון גאַליציע קיין אונגאַרן] געקוקט מיט קרומע אויגן און מ'האָט אויך אײַנגעזעצט אַ גרענעץ־פּאָליציי זי זאָל די א, איכערוואַכן", יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע"ב, לעמבערג 1911.

איינוואַנדערן — אוטוו ־ער אײַן, ־י־,

געוואַנ— .

דערט. אימיגרירן. זיך באַזעצן אין אָ נײַ לאַנד. א, פֿון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע. "די טערקישע רעגירונג מאַכט אַלע שוועריקייטן אויף די ייִדישע עמיגראַנטן וואָס ווילן א, נאָך

פֿאַלעסטינע“, ירמי, יוסף יאקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. ־ניש.

אײַנוואַנדערער — דער, (־ס). אימיגראַנט; ווער עס באַזעצט זיך אין אַ נײַ (אַנדער) לאַנד. ״אַלע הונדערט אַכציק מיליאָן אַמעריקאַנער זײַנען אָדער אַליין א, אָדער קינדער און העכסטנס אייניקלעך פֿון אימיגראַנטן„, ש. ביקל, טמז, 7 4 19 XI.

--

אײַנוואַנדערשאַסט — די & דאָס, ־ן. 1. די. סכום אײַנוואַנדערערס (פֿון אַ באַשטימטער צײַט, אין אַ באַשטימט לאַנד). 2. דאָס. אייגנשאַפֿט פֿון אײַנוואַנדערערס אָדער פֿון אײַנוואַנדערונג. ״אין ערגעץ אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז... ניט אַזוי שטענדיק וואַך דאָס געמיט פֿון א, ווי אין ניו־יאָרק“, ש. ביקל, טמז, 7 4 19 XI.

אײַנוואָנכען — טרוו. ־כע אײַן, י.,געוואָנכעט. אײַנשנופֿן, אַרײַנציִען דעם ריח, גערוך. א, די קיך־ און שטוב־ריחות. א, אין זיך אַ געשטאַנק,

דעם עיפּוש.
איינוואַצקען — טרוו ־קע אײַן, ~געוואַצקעט.
—
.
דזוו אײַנוואַדזגען. אײַנשמוצן, אײַנקויטיקן. א,
די פּאָדלאָגע מיט די פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול.
אײַנוואַקסן 1 — וואַקס אײַן, ה אָ בּ &
-
בּ י ן ~געוואַקסן, אויך: ~געוואָקסן. אוטוו —
1. אַרײַנוואַקסן, וואַקסן וו אַ ווילד־געוויקס.
י
גרינער מאָך איז אײַנגעוואָקסן אויף דער קאָרע
פֿון די ביימער. דער נאָגל איז אײַנגעוואַקסן
אין פֿלייש. 2. אײַנוואָרצלען זיך. א, אין אַ
שטייניקן באָדן. די ערשטע פֿאָר יאָר האַלט אַ
ביימעלע נאָך אין א'. 3. צונויפֿוואַקסן. ״
פֿאַרגיפּסן דעם פֿוס, דער צעבראָכענער ביין זאָל
א,״. 4. ווערן ווי איינער פֿון אַ סך אַנדערע.
א, אין אַ גרופּע. א, אין אַ נײַער סבֿיבֿה, לאַנד
אע. 5. ווערן ווי אַ טייל ▯ון דער זאַך. דער
זשאַווער איז אין דעם מעסער אײַנגעוואַקסן,
ניט אָפּצוקראַצן. ״ס'איז אײַנגעוואַקסן,... אויף
אים דעם אַלטנס זײַדן העמד,,, בּ. לאפּין, צייכנס.
טרוו — לאָזן דורכוואַקסן, לאָזן וואַקסן צו

לאַנג. לאָזן א, קאַרטאָפֿל, זיי זאָלן באַקומען
'אייגעלעך, און 'הערנער'. מיט ז י ך — „מע
דאַרף לייגן אויף... [דעם ביימעלע] פֿיל טרחה
און קאָפֿדרייעניש, ביזוואַנען עס וואַקסט זיך
איַין„, מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד,
ווילנע 1900. "אַ בוים וואָס וואַקסט קרום און
אַז מע וויל אים אויסגלײַכן ער זאָל זיך א,
גלײַך..." , י. מ. אַלפּעראָוויץ, די וועלט
מלחמה..., ווילנע 1905. ־ונג. ־עכ ן.
־עניש.
אײַנוואַקסן ll — טרוו. וואַקס איַין, ,

געוואַקסט. פּפּ: י.,וועקסן. אײַנרײַבן מיט
וואַקס. א, די פּאָדלאָגע ס'זאָל פֿינקלען.
איינוואָרטיק — אדי. וואָס באַשטייט פֿון
איין וואָרט. "מע הייבט אָן מיט אַן א'ן זאַץ„,
ברידער גאָרדין, אונזערע חבורים, ווילנע 1913.
„ווײַזט דאָ אָן די א'ע פֿראַזעס", א. ספּיוואַק,
ישפּ, 1928.
איינוואַרעמען — טרוו ־רעם איַין, ~
געוואַ—   .

רעמט. 1. האַלטן אין דער וואַרעמקייט (אויף
אַ פֿײַער, לעבן אַ פֿײַער), ביז עס ווערט רעבט
וואַרעם. א, די פֿאַרפֿרוירענע הענט. א אַ
גע,

-

קעכטס. „די (חכמים) האבן מתיר גוועזן אײַן
צו ווערמן [דאָס עסן און די דירה] אם שבת,
דשׂ טוט מן פֿון קלייני קינדר וועגן. אַך וואונן
מיר... וואו גרושׂי קעלט פֿלעגן צו זײַן“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ תמ“ה?
2. מאַכן וואַרעם, וואַרעמער. א, די נעסט. א,
אַ בעט. *א אַ שטעל (שטול, בענקל) = זיך

לאַנג האַלטן אויף אַ פֿאָסטן.
3. מאַכן אויפֿגעלעבט, אויפֿגעלייגט,
יומטובֿדיק. אָנוואַרעמען. א, דעם עולם מיט אַ
שטיקעלע חזנות. 4. מאַכן מע זאָל האַבן אַ
בעסערע באַציאונג פֿאַראינטערעסירן. א, די
שווע.
רע געבערס זיי זאָלן זיך נעמען צו די קעשענעס.
5. דערנענטערן צו זיך. א, אַן עלנטע נשמה.

6. האַלטן אַ לענגערע צײַט בײַ זיך (אויך עפּעס וואָס מע טאָר ניט). א, אין קעשענע אַ פֿרעמדן רובל.

מיט ז י ך — „צוערשט — ניט־זיכער, שפּעטער וואַרעמט ער זיך אײַן און באַקומט מער צוטרוי“, ייִש. „ווי נאָר דער טאָג האָט זיך אײַנגעוואַרעמט, הוסט איך שוין ניט„, י רואל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג.

אײַנוואָרף — דער, ־ן. אויך: ו אורף].

1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנוואַרפֿן. אַן א, פֿון אַ גאַנץ הויז. „אַן א, בבֿיתי [בײַ אַ

י

פּאָגראָם]“, 'גזירה העבֿב', אָנהייב 19. י״ה

[ייִבֿל 1 ,XI־2]. 2. האַנטגעלט, אַדערויף. קריגן דערווײַל אַן א'. 3. מתּנה וואָס די כּלה קריגט פֿון חתן אָדער חתנס צד פֿאַר דער חתונה. [דעם א, פֿלעגט ברענגען דער כּלה דער רבֿ אָדער דער ראָש־הקהל, אָדער סתּם אַ חשובֿער גאַסט.] “... אַך לכלה איין חשובֿי מתּנה צו אײַן וואורף געבין אונ, לאחר החתנה, אונש חתן ובלה גיפֿרייאיט„, גה, 227.

איינ וואַרסן — טרוו. וואַרף אײַן, ~געוואָרפֿן.

1. אַרײַנוואַרפֿן. וואַרפֿן אין אינעווייניק. א אַ

שטיין אין גאָרטן. „זי בֿורן בישׂ אין דשׂ פֿורטה

אײַנוואַרפֿן

און, די אַנקר וואַרפֿן זי איין דורטה„, בבֿא־בּוך, 91. 2. טאָן, ריידן אע אויף אַן אומבאַמערקטן (אָדער ווייניק באַמערקטן) אופֿן, ווי בדרך אַגבֿ.

א אַ גוט וואָרט.

3. אַרײַנוואַרפֿן אין אַ צדקה־פּושקע. געבֿן צדקה. „ווען מן ציכט אויף דיא ירידים, זולן די שמשׂים אודר אונטר שמשׂים גין לנשים, דאז זי איין ווערפֿן במקום אירי מאַנן“, תּקק. „לדבֿר אַכילה האָט איר יוא מעות און, איין

צו וורפֿין ניט?״, כ״י 'פּנקס הכשרים של קהלת פּוזנא', 1643. ״מן וואָלט איין גיפֿאַנגיני יהודי אויז ליזן אום הונדרט גילדן אונ, די גבּאים גינגן... בּיגעגנט אין איין רײַכר מאַן... ער וואַרף איין פּפֿעניג אײַן״, בּראַנט. ״זאָל מן גיוואָרנט זײַן, ווען מן וויל תּפֿילה טון דא זאָל מן פֿאַר געלט אײַן ווערפֿן אין דער צדקה״, צאינה, קלד/ד. „ווען איין גוי ווערפֿט וואז אײַן אין דאז (מתן בּסתר), דא זאָל מן גיוואָר ווערדן וויפֿיל ער האָט אײַן גיווארפֿן און זאָל עשׂ ווידר הרויש נעמן אונ זאָל עשׂ געבּן עניים פֿון גויים״, לט 1, מז/א. ״דרום (מעות פּורים) וואָס מן אין די שול אײַן וואַרפֿט, אובֿ מן די מגילה אַן פֿנגט צו לייאנין צו מאָרגן אבֿר (משלוח מנות) דאשׂ טאָר מן ניט נעמן זײַן מעשׂר געלט״, עח, ע/ד.

4. געבּן געלט צו קלעזמאָרים. בּאַשטעלן אַ טאַנץ און בּאַצאָלן פֿאַר דעם. אויך געבּן טרינקגעלט. א, אין צימבּל. א, א ו י ף אַ פּאָלקע. „האָט ער אײַנגעוואָרפֿן פֿאַר אַ פֿאָלקע און מיך פֿאַרבּעטן צו טאַנצן מיט אים״. „אויבֿ איר ווילט... וואַרף איך אײַן אויף אַ טאַנץ״, אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנ . „שפּעטער האָט די מאַמע אײַנגעוואָרפֿן און דער שוואַרצער בּחור

האָט אויפֿגעשפּילט אַ וואַלס“, י. פּערלע, ייִדן
ון אַ גאַנץ אָר. אַרכ אויך: געבן אַ מתּנה.
י
„ברענג זיא הער גין גבֿעה, ווירף זיא דער כּלה
איין“, שמואל־בוך, 416.
5. צוואַרפֿן. אַרונטערוואַרפֿן. צעבּרעכן. א,
אַ וואַנט. „הבּן ניט געווישֿט די שאַנצין צו איין
ווארפֿין די מויארן אַז די רומיים...„, שי,
יט/א. “זיא ווערדן בּויאן און, איך גאָט וויל
איין ווערפֿן דשׂ זעלבּיגי גיבּייא„, צאינה,
תולדות הפֿטרה. “ווי לאַנג זי לעכט, ועט זי
דאָס הויז פֿון אירע עלטערן ניט א'“, באש,
גימפּל תּם. מע דאַרף א, דעם א ו י ו ו ן —
אויסדרוק (מעגלעך אויך איר) וועט עס קומט
אַריין אַ זעלטענער, אַן אומגעריכטער גאַסט.
„אַ נס וואָס עס איז ווינטער, אַניט וIאָלט מען

געדאַרפֿט א, דעם אויוון“ וול *א, וו אַ
י ,
קאָרטן־שטיבּל = זייער גרינג צוואַרפֿן, בטל
מאַכן. אויפֿשטעלן אַ טעאָריע און זי אַליין
דערנאָך א, ווי אַ קאָרטן־שטיבּל. קללה:

אײַנגעוואָרפֿן זאָל ער ווערן!
6. צעשטערן, חריבֿ מאַכן. רואינירן. "וואַרפֿט
אײַן, וואַרפֿט אײַן ביז צום גרונט", תּ', תהלים,
קלז, 7. „דא האָט ער די שולין לאָזן אין וואַרפֿן
און, פֿיל ישׂראל גטיט", שאַר.
7. אַוועקנעמען. אָפּרוימען. א, פֿאַרעלטערטע
פֿירונגען. א, די באַריערן וואָס האַלטן אָפּ דעם
פּראָגרעס. „אַלץ וואָס עס טראָגט אויף זיך

איינוואָרצלדיק

דעם ייִדישן שטעמפּל, און קודם־כּל די ייִדישע
שפּראַך, איז פֿאַר דער מאַסע אַ שווערע לאַסט...
און די ייִדישע מאַסע פֿלאַקערט פֿון חשק
אײַנצוּוואַרפֿן דעם פּאַרקאַן וועלכער עס צוימט איר
אָפּ פֿון דעם רוסישן לעבן", צו דער נאַצ
אָנאו

□

לער פֿראַגע, זשענעוו 1905 [בײַם קריטיקירן די
אַסימילאַטאָרן]. „דאַרף מען די מחיצה א', בכדי
דעם נאָענט־ווײַטן נצחון צו דערנענטערן", ב.
ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע.
־ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער (־קע) —

הויז־א'. ־ערײַ.
איינוואָרצלדיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין וואָרצל. א'ע געוויקסן.
אײַנוואָרצלען — טרוו ־צל אײַן, ~ געוואָר—
צלט. 1. אײַנזעצן אין באָדן (געוויינטלעך אַ יונג ביימל) וואָס האָט שוין אַ וואָרצל. א, צוויי־יעריקע אַקאַציעס פֿאַרן פֿענצטער. "
נטעתם — דו פּפֿל[אַ]נציט זי זעלברט, אַך וואורצלן זי אײַן אונ, וואַקשׂין אונ, ברענגן ורוכט", שעריר, יב/2. ,,אַזו זאָל ער מיך אײַן וואָרצלן מיט טויא", מחזור שלש רגלים, אמשט ... 1713, קכט/א.
2. מאַכן עס זאָל שלאָגן וואָרצלען. ,,ווען איינר העט ריבן אין זאַנד ליגן אודר רעטיך אונ זיא העטן נאָך ניט אײַן גיוואָרצילט דא טאָר מן זי וואול [אום שבת] הרויש ציהן מיט דען בלעטר", לט 1, עב/א. "די זריעה זאָל אײַנגעוואָרצלט ווערן אין דער ערד", זרעים, לו/ב.
3 פֿיג. מאַכן עס זאָל אָנהייבן וואַקסן, אויס.
שפּרייטן זיך. מדסרן און א, בעסערע מידות [פֿרגל ב]. א, קען איך נישט ערגעץ מײַן גליק", דא.

4. אײַנבּירגערן. מאַכן פֿאַר אַ תּושבֿ. אײַנגלידערן אין אַ נײַער סבֿיבֿה. א, די נײַע עולים אין דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט. „וועט אויף אַזאַ אופֿן דאָס פֿאָלק ישׂראל אײַנגעוואָרצלט ווערן אויף זײַן ערד“, ממוט, אין אַ שטורם־צײַט

5. אײַנפֿלאַנצן. אײַנלערנען עפּעס. אַז מע זאָל זיך פֿון דעם ניט קענען אָפּגעוואוינען. משפּיע זײַן אויף שטענדיק. א, אין די קינדער גוטע מידות. א, ליבשאַפֿט צו די עלטערן, אמונה אין בורא־עולם. “זאָל דער בן־אָדם דיזה ביזה מ[י]דה פֿון קנאה ניט אין הערץ לאָזן אײַן ווארצלן“, מראות הצו◌אות, וואַנדזבעק 1718. “אַזוי איין גרויס פֿאַרזאַמלונג האָט גאָט ברוך־הוא געמאַכט הערן די עשׂרת הדברות... כּדי אײַנצוװאָרצלען און אײַנצופּרעגן די אמתדיקע אמונה“, ר, יצחק האמבורגער, איבֿז, ◌)יח יצחק, לעמבערג 1876. „ווער האָט דיר אַ פֿרומקייט אין דײַן האַרצן אײַנגעוואָרצלט...“, א בּ. רוף, אדעליע־ראָזע, וואַרשע 1865.

6. אײַנפֿעסטיקן. פֿאַרפֿעסטיקן. „וואָרן סע איז שוין בײַ זיי אײַנגעוואָרצלט געווען אין דער דעה אַז דער עיקר איז גאָר דאָס געלט“, נחבֿ, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. “האָט זיך אָנגעהויכּן אַ קאַמף פֿאַר א, בכלל די פֿראַנצייזישע

שפּראַך אין עלזאַס־לאָטרינגען“, ייִבל ◻ 1 ,XI־2.
מיט ז י ך — מלל פּאַרטײַטשט 'ךמתערה,
(תּהלים, לז, 35): “וואורצלט זיך אײַן“ [תּי:

1146

„צעשפּרייט“]. זיך א, עמעצן אין האַרצן (וועגן
אַ מענטשן אָדער אַ געפֿיל). זיך א, ערגעץ און
פֿירן אַ פֿאַמיליע־לעבן. „אַן איינציק אָרט וואו
אַזאַ מענטש ווי איך קען זיך א,“. “יעקבֿ
וואַקסט און וואָרצלט זיך טיף אײַן און שטאַרק
וועט ער אייבּיק זײַן“, ממוס, זמירות “טיף
אין מיר האָט אײַנגעוואָרצלט זיך די שרעק
פֿאַר שווערדן־קלאַנג“, מלה, 'אין דער פֿרעמד.,
“כ'וואָרצל זיך אײַן אין דער שיינקייט אַזוי
וו אַ בּוים אין געבּלי,„ סוצ.
י

—ונג — די אידייע פֿון ייִדישער א'. „,... אַ
שעפֿערישע בענקשאַפֿט נאָך א'“, שנ, שלום אַש.
־עניש.

אײַנוואַשן — טרוו. וואַש אײַן, ◻ י.,געוואַשן.
◻ -
1. וואַשן אַ ביסל, אַ טייל פֿון עפּעס. א אַ

,

פֿלעק. א, גרעט און ניט אויסוואַשן. א, דאָס
פֿנים און לאָזן אַ שוואַרצן שטריך בײַ די אויערן.
„אים א, און ברענגען צו טראָגן אין חדר“,
א פּאָר ווערטער... וועגן חדר, ווילנע 1914.
2. וואַשן גרינטלעך. אינגאַנצן אויסוואַשן. „מע
קען די הויזן ניט א', אַזוי האָט זיך אין זיי
אײַנגעגעסן די בלאָטע“. 3. אונטערוואַשן.
אונטערשווענקען. א, דעם פֿונדאַמענט. 4. אָפּנאַרן.
“אײַ, האָט מען אים אײַנגעוואַשן!“.
מיט ז י ך — זיך א, צום עסן. “בײַ אונדז
האָבן די באַהעלפֿערס געפֿוילט זיך א,“, שע,
אַ פֿאַרשפּילטער לג־בעומר,. “פֿלוצלינג כאַפּ

,

איך זיך אויף ווי אַן אונטערגעשאָסענער, וואַש
זיך וואָס גיכער אײַן“, סאָלאָמאָן וואָיאַזשאָר, אַ
שלום.. אין סאָלמאנייעווקע, סלוצק 1911.
־ונג. ־עכ□ן. —עניש.
אײַנוויאָנדזלען — טרוו. ־דזל אײַן, ~
געוויאָנדזלט. אײַנרייכערן. א, פֿיש.
איינוו אַנען — אוטוו ־נע אײַן, ~געוו אַנעט.
,   ,

.

אײַנוועלקן, פֿאַרלירן די פֿרישקייט. א, ווי אַ
בלום סוף זומער.

איינוויגן — טרוו וויג אײַן, ־,געוויגט.

--

1. וויגן אַ לענגערע צײַט. פֿאַרוויגן אַ קינד. וויגן און וויגן און ניט קענען אים א'. ''קלאַנגען מרזיק וואָס לאַשטשען און וויגן אײַן'', בּ רעסלער, טמז, X l961 7. א, עמעצן אין אַ גוט וויגעלע — ← בּ. 2. (וויגן בּיזן) אײַנשלעפֿערן. דאָס לידל וואָס וויגט אײַן. ''ווי מע וויגט אײַן — אַזוי שלאָפֿט מען'', שוו. ,,און בּײַנאַכט זינגט זי זיך אַ ניגון דאָס זיסע קינד־לעבּ אײַנצףּוויגן'', עט, לידער. ''האָט זי [די שיף] וועמען אײַנגעוויגט, האָט ער געחלומט שווער'', אר, ,די ערשטע עמיגראַנטן'. ''אין דער כּלנדרי איז ער געגאַנגען אַ קינד א', וואָס די מוטער האָט איבּערגעלאָזט וויינען'', אַש, תּהילים ד.

3. דזוו בּבּ 1־2, יג ,,בּײַנאַכט האַט גראָד גערעגנט און אײַנגעוויגט דעם ים'', הר, אין שענסטן טאָג ון הארבּסט ,,וויג מיך אײַן אין

תּפֿילה אָוונטיקער, אויף קעמלס גאָרנדיקן הויקער“, א ש וטיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבּשא□ט.

4. אײַנשטילן, אײַנרואיקן. בּאַרואיקן. פֿאַרוויגן. א, די לײַדן. א, די אויסגעמאַטערטע נשמה.

אײַנוויײַזן

„אַ חלום אַ רואיקער וועט זיך צעשפּרייטן און א אַלץ אויף דער וועלט“, דא שטילע געזאַנגען.

,

„די וואונדן אײַנגעוויגט, דעם בּרויז

פֿאַר□.

טײַעט“, פּמ, מלחמה II.

5. מאַכן עמעצן אַ שם (אָפּט אַ פֿאַלשן). א, עמעצן פֿאַר אַ גוטן, אַ שלעכטן אאזוו. א, עמעצן פֿאַר אַ געבּער, אַ קמצן אאזוו. „ווי מע וויגט אײַן, אַזוי וויגט מען זיך אויס“, שוו. “ער איז גאָר לכתּחילה ניט געוועזן קיין עושר, ווי מע האָט געמיינט. גלאַט, קאַבּצאַנסק האָט אים אײַנגעוויגט פֿאַר אַ נגיד“, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'. „מיט דעם יתום קען מען מאַכן וואָס מע וויל און מע וועט דיך א, פֿאַר אַזוי

אַן אַפּקורס“, יהל, דער אפּקורס, וואַרשע 1904.
6. אײַנרעדן. מאַכן עס זאָל אַרײַנדרינגען אין קאָפּ. *א, אין זיסע חלומות = שאַפֿן אילוזיעס. א, מיט גלאַטע ריידעלעך. א, עמעצן מיט (אין) אַן אידיי(ע), אַ האָפֿענונג אע. “האָט אונדז דער קאָסמאָפּאָליטיזם אײַנגעוויגט אין דעם געדאַנק אַז דער גרעסטער פֿײַנד פֿון נאַציאָנאַליטעט איז דער אַלגעמיין־מענטשלעכער פּראָגרעס“, זשיט ‎I, נ“י 1912.
מיט ז י ך — א, זיך מיט בטחון, מיט פֿאַלשע האָפֿענונגען, מיט זיסע חלומות. „ס'דרימלען אײַן די ברייטע פֿעלדער, ס'וויגט זיך אײַן דער אַלטער וואַלד“, סעג, שטילע טרוימען. ‎וויג זיך אײַן אין אַ גוט וויגעלע און גיי שלאָפֿן, פֿוול = זע זיך צו מאַכן אַ גוטן נאָמען און דערנאָך דאַרפֿסטו שוין גאָרניט טאָן ־עכץ ־עניש.
. .
איינווייאונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון
אײַנ־
ווייען (.), באַנײַען. א, פֿון אַ שול פֿון אַ
,
פֿרוכת. 'די בלוטיקע א"—נאָמען פֿון

יהואָשעס אַ ליד.
איינווייבעכץ — דאָס, ־ן. נר. מאָנאָגאַמיע,
--
דאָס האָבן איין ווײַב. דר, ראָזענשטיין, פֿרעמד ווב, וואַרשע 1914.
איינווייבערדיק — אַדי. פּפֿ:
איינווייבע - -
ריק, איינווײַביק. וואָס האָט איין ווײַב. א'ער אָריענטאַלישער מלך. “מע טאָר ניט זאָגן וועגן אַ פֿרו אַז זי איז אַ 'מאָנאָגאַמיסטין',
י
מחמת 'מאָנאָגאַמיסטיש, (= איינווײַבעריק) קאָן זײַן נאָר אַ מאַנצביל,,, ייִא, 1938, 8. ←
איינזיווגדיקייט.
איינווייז — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
- - -
פֿון אײַנווײַזן. אַ ריכטיקער א'.
איינווייזן — אוטוו ווײַז אײַן, י.,געוויזן.
-- -
1. אָנווײַזן וואָס צו טאָן. געבן אַן עצה. לערנען. זאָגן אַ דעה. ,,דעם אויוון מוזסטו הייצן, — מײַן טאָכטער, — האָט די אַלטע אײַנגעוויזן, — וואָס וועט דער מילנער זאָגן?,,, יד, אבֿן נגף.

"קיינער קען זיי ניט א, צו וועמען זיי זאָלן
האָבן אמונה", ייִפּאַל, 47 1887, No־48. "דו
הונט איינער!... דו וועסט מיר א'? איך וועל
דיר ווײַזן ווער עלטער איז!", די מעע)ה פֿון
פֿיער בּרידער וואַרשע l906.

2. אָנווײַזן אויף עפּעס, ווײַזן ,,זי האָט
געפֿרעגט וואו עס וואוינט אַ מעקלערין. האָט מען

אײַנווייטיקן

איר אײַנגעוויזן וואו", ספּ, גליקליכע און
אומגליקליכע.

3. אַרכ. לאָזן וויסן. ,,דא שפּראַך דוד: גיא
צו דעם קיניג שאול אונ, בּיט אים דאז ער מיר
רשות גיבּט, זיא וויל... אײַן ווײַזן דאז דוא
רעכט ווערשׂט האבּן", מבּ, מעשׂה קצט.

4. דערווײַזן. קומען מיט ראַיות. ,,דו האָסט
מיר ניט אײַנצפּווײַזן מײַן שולד", צ. [. גאָלאָמבּ,
אַ יונגע טויבּ פֿאַר אַ קרבּן, ווילנע 1895. ,,האָט
אײַנגעוויזן אַז מענטשן זײַנען נידעריקער אַדער
העכער... נאָר מיט דעם וואָס ער איז
געבּילדעט אָדער אומגעבּילדעט,,, י. בּודזאָהן, אַ
כּדאַי'ע זאַך כ'לעבּן, ווילנע 1913.

אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ־ן. ־עניש.
איינווייטיקן — טרוו. ־טיק אײַן, ~

געווייטיקט. נעאָל. צוגעוואוינען צו ווייטיקן. אײַנקריצן ווייטיקן. א, אין עמעצן דעם צער פֿון אונטערגאַנג. מיט ז י ך — „די יאָרן ווען ס'האָט זיך אײַנגעווייטיקט אין אונדזער געמיט די גרויסע פֿאַרטיליקונג", יג, טמז, 1964 ־ 10.
־ונג.

איינווייכן — טרוו. ווייך אײַן, ־.,געווײכט.
-

1. מאַכן אַ ביסל ווייך. א, סוכאַרעס. „עשׂ איז מותּר דשׂ מן דען ווייץ וואו מן מצות פֿון באַקט איין וויניג מעג אין ווייכן אין וואַשׂר... דשׂ מאַן עשׂ בעשׂר זאָל קענן מאלין", מהמ, אמשט 1722, רכב/א. 2. מאַכן אינגאַנצן ווייך. לאַנג קאָכן און א, דאָס פֿלייש. א, לעדער. „דערנאָך לייגט מען אַרײַן די קלייד אין אַ קעסעלע מיט בענזין... און לאָזט איר דאָרט... א'", ש. שפּירא, קליידער פֿאַרבערײַ, וואַרשע 1900. 3. דזוו אײַנווייקן. „עז איז אָסור [אום שבת] ערביסן אײַן צו ווייכן אין וואַשׂר דאשׂ די שיליכט, די הילזן זאָלן הראכּ גין", לט1,

עה/א. „ווען מן ברוט אײַן ווײַכט אין ווײַן, ווען דיא שטיקר ברוט איין (כזית) גרושׂ זײַנן, מוז מן דיא פֿאַר (ברכה) מאַכן (המוציא), דער נאָך בענשן„, עפּש, סידור התפֿילות, אַמש ט תק״ח. 4. מאַכן עמעצן מילד(ער). א, דעם בעל־הבית.

5. ארכ. אונטערגראָבן. ״אַזו פֿרעגט דער שומר אים: ווארום ברענגשׂטו אים הײַנט אַזו פֿיל וואַשׂר, איך האַלט דוא ווילשׂט מאַכין דשׂ ער דיא תפֿיסה אײַן וויכן זאָל מיט דעם וואַשׂר״, מב, מעשׂה עז.

איין ווײַל — אַרכ. דזוו אַ ווײַלע. ״ניט וועגין איבר מוט צו גרייכין, דען דשׂ טואט איין ווײַל גוט„, ◌ה, ב, יג/ב ״לאָז ער נאָך איין ווײַל דר מיט שפּילן, עז ווערט דאַך אונשׂ ניט אנטגין״, מנקת רבֿקה, קראָקע שע״ח, שער שלישי.

איין וויניק — אַרכ. דזוו אַ ביסל. „און, איין ווײנג דער נאָך החסיד אַך בגיגנט„, 'כ״י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. „זיא צום ערשטן איין וויניג חומש לערנן דיא ווע[ר]טר צו טײַטשן״, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿ◌דמ תמ״ה? ״אײַער עלטרן האבן צו צײַטן זעלברט גפֿעלט [= געזינדיקט] איין וויניג״, מחזור שלש רגלים, אמשט 1713. ״איין וויניג

מעג אין ווייבן אין וואַשׂר“, מהמ, אַמשט 1722,

רבב/א. „איין שטיקליין ברוט דשׂ מורגן אונ
איין וויניג וו[אַ]שׂיר“, ספֿר המנהגים, אַמשט
1723, ד/ב. „האַר א, וו, אויס„, קמ, 3 1866, No.
„אָבער פֿאַרצי נאָך א, וו'“, אמד, הנסיון, 1865.
אײַנווײינען — טרוו. וויין אײַן, ~געווײנט.
דערפֿירן צו(ם) וויינען. רייצן זיך מיט אַ קינד
און עס א'.

מיט ז י ך — 1. וויינען אַ סך. זיך
צוגעוואוינען צום וויינען. זיך א, און ניט קענען
אויפֿהערן. 2. אײַנבעטן זיך מיט געוויין. א,
זיך מע זאָל אָננעמען אויף אַן אַרבעט.

אײַנווײַסן — טרוו. ווײַס אײַן, י..געווײַסט.
1. אײַנשמירן אין (מיט) ווײַסן. א, אַ שוואַרצן
מאַנטל מיט קרײַד, מעל. 2 פֿאַרווײַסן (אַ

.

ביסל). א, דעם באָרשט מיט סמעטענע. א, דעם
שטשאַוו.
אײַנווייען — טרוו. וויי אײַן, ~געווייט (אין
פֿר, אוקר ~געווייעט). 1. באַנײַען; מאַכן אַ
חנוכּת־הבית. „זאָלן זיך אומקערן אַהיים

אַזעלכע וואָס האָבּן אויסגעבּויט אַ הויז און האָבּן עס נאָך ניט אײַנגעווייט", אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871. „דאָס איז דער טאָג ווי מע וועט דאָס מאָנומענט עפֿענען און א'", קמ, 2 .35 No ,1863. בּאַקענען אויף אַ פֿײַערלעכן אופֿן. א, עמעצן אין די סודות פֿון קולט. "יענע האָט איר [= זי] אײַנגעווייט אין אַלע אירע יוגנט־סעקרעטן", בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער. 3. אַרײַנבּרענגען, אַרײַנפֿירן מיט אַ צערעמאָניאַל. „מיט מענטשנזאַפֿט איז פֿול מײַן כּוס/, מיט רויטן בּלוט מײַן קידושגלאָז. / די גרויסע צוקונפֿט מיט דעם ווײַן / פֿון טויזנט לעבּנס ווײ איך אײַן", יהואָש, 'די בּלוטיקע אײַנווייאונג'.

אײַנווייקן — טרוו. ווייק אײַן, ◌ ,געווייקט.

1. אַרײַנלייגן און האַלטן אין וואַסער אַ געוויסע צײַט. א, פֿלייש צו מאַכן כּשר. א, הערינג. א, בּאָבּ. א, גרעט, בּרודיקע וועש, און אַרײַנשיטן זאָדע אין דער בּאַליע. א, די ריטער פֿאַרן שמײַסן. שווּבֿ פֿאַרטײַטשט 'מסה, — "אין ווייקין". „עשׂ איז אָסור איין טוך אײַן צו ווייקן אַם יום־טובֿ, דען עשׂ איז צו בּיזאָרגן ער ווערטשׂ אויז דריקן", לט 1, פּג/א. „וויא די ווײַבּר זיך זאָלן נוהג זײַן... מיט פֿלייש אײַן

ווייקן און זאַלצן", עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. "קערנער וואָס מע גיט עסן אַ בּהמה טאָר מען אויך ניט א, אום פֿרײַטיק אַז זיי זאָלן ווייקן איבּער שבּת, סײַדן עס זאָל קאָנען דערווייקט ווערן פֿרײַטיק בּײַטאָג", איבּז, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818. "עס איז אָסור אײַנצוּווייקן אַרבּעס אום שבּת אַז די שאָלעכץ זאָל אַראָפּ", לט2, סז/א. "די בּית־שמאי זאָגן, אַז מע טאָר ניט א, [אין וואַסער פֿרײַטיק

,

טינט־מאַטעריאַלן און פֿאַרבּ־מאַטער אַלן...",

,

פּיעט, שבּת, א, ה. *מע דאַרף אים (זי, עס) א, אויף עטלעכע טעג (וואָכן) און אויסזשמיקען אויף אַ וואַשבּרעטל = א) ער איז זייער בּרודיק; בּ) ער איז פֿאַרדאָרבּן.

2. אַרײַנלייגן אין אַ פֿליסיקייט און האַלטן אַ געוויסע צײַט. א, חלה אין בּראַנ ן. א,

סואיינווילִיקן

--

באַרעס אין בּיר. א, דעם געשוואָלענעם פֿינגער

אין פֿעטס. 3. דורכזאַפּן. מאַכן עס זאָל
דורכגענומען ווערן. א, די ערד מיט בלוט פֿון
אומשולדיקע.
4. אָפּנאַרן פֿאַרמסרן, איבערגעבן אין די
.
הענט פֿון דער מאַכט. א, עמעצן ווי אַ הערינג=
שיקן אים אין קרימינאַל. „מע האָט אים
פֿאַרשלייערט, איַנגעווייקט“, רייד (מג). „דיזער
טיַצל וועט דיר גוט א, אין ראָסל“, אמד, ר,
שלמהלע דער פּער ◻ון דער קהלה נ', ווילנע
1870. “אַז מע וועט מיר איַנזעצן, וועל איך
א, נאָך אַנדערע“, ייִפֿאָל, 28 '1882 No. “אַז
ער וועט גיין מיט די הענט [= וועט שלאָגן],
בין איך גרייט אים איַנצוּווייקן ביַים ערשטן
משׂא־ומתּן“, בימקאָ, גנבֿים. מיט ז י ך. ־עכץ.
־עניש.
איינווייערעכן — טרוו. ־רעך איַן, ~
געוויַ◻־ ־־
רעכט. נעאָל. איַנלויבן אויף אַ גוזמאדיקן
אַופֿן. באַשיטן מיט קאָמפּלימענטן. א, די
דאַמע. א, דעם יוביליאַר.
איינוויכערן — טרוו ־ער איַן, ~
געווי— .
כערט. נעאָל. איַנוויקלען (אַזוי ווי) מיט אַ

וויכער. „דער שניי האָט מיך אײַנגעדרויכערט“.

איינווילדעווען — טרוו. ־דעווע אײַן, ׳י.,
געֿ.

ווילדעוועט. מאַכן ווילד, הפֿקרדיק. א, די
קינדער. „אַ מלחמה און אַ רעוואָלוציע ווילדעווען
אײַן אַפֿילו די רואיקע געמיטער„.

איינוויליק — אַדי. וואָס איז דורכגענומען
מיט (פֿון) איין ווילן. אַן א'ער פֿאַרלאַנג.
־יקייט.

איינוויליק — אַדי. וואָס איז מסכּים, וואָס
--

שטימט צו. זײַן א, צו טאָן אַן אַרבעט

איינוויליקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-

רעזולטאַט פֿון אײַנוויליקן. הסכּם, הסכּמה.
צושטימונג. „אָן זייער אויסדריקלעכער א, הייסט
דאָס אויך 'אין משנין מצדקה לצדקה'“, ארז,
קמ, 16 7)18' No.

איינוויליקן — אוטוו ־ליק אײַן, ~געוויליקט.
—
.

מסכּים זײַן, אײַנשטימען, צושטימען. “אַז מע
וויליקט ניט אײַן מיט גוטן, קריגט מען אַרויס
מיט בייזן“, שוו “דער חתן וויליקט אײַן מיט

נדן און ווײַן‘‘, שוו [ווען די כלה איז ניט קיין שיינע]. א, צו קויפֿן, צו באַצאָלן. א, צ ו (טאָן) אַ שידוך. א, ווײַטער צו לערנען. „גאָט וועט, לאָמיר האָפֿן, א, דערצו‘‘. תּי פֿאַרטײַטשט 'יאתו לנו, (בראשית לד, 22): „א, צו אונדז„, און 'נאות לכם, (דאָרטן, 15): ‘‘א, צו אײַך‘‘. אַזוי אויך ,ויואל, (שמות, ב, 21). אַזוי אויך 'ולא אָבה, (ש ופֿטים, יא, 17): ‘‘ער האָט ניט אײַנגעוויליקט‘‘. „דער מענטש וויליקט אײַן אָפּצושוועכן דעם יצר־הרע דורך דער תּורה‘‘, איבּז,)יח ס ונים, וואַרשע 1872. „איך בּין דאָך אײַער קינד, אָבער דאָך האָבּ איך נישט געקענט א, מ י ט אײַער שידוך‘‘, א נוסבּאום, פּעסע די גאבּעטע, וואַרשע 85 1. ‘‘דער טאַטע, ... דערשלאָגן פֿון דער בּיטערער נויט, האָט לסוף אײַנגעוויליקט מיט אַ געבּראָכן געמיט‘‘, ממוס, ווינטשפֿ. „זי איז מיט איר בּעצה אַחת

אײַנווילן

געוועזן: ניט אײַנצווּוויליקן אין דעם שידוך‘‘, יד, אבן נגף. [בּײַ ממוס אויך טרוו: „אין האַרצן בּײַ זיך האָט... [ער] בּאַלד טאַקע

אײַנגעוויליקט דעם פּלאַן“, ווינטש אַזוי אויך: בײַ
ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע) ות II, סאַטמאַר
תרפ“ה: “א, זײַן פֿאַרלאַנגען“.]
אײנווילן — אוטוו. וויל אײַן, ~געווילט. דזוו
-.
אײַנוויליקן. “אויף דיזע אַרט קען איך נישט
א'“, א. בּ רוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע 1865.
אײנווינדלען — טרוו. ־דל אײַן, ~געווינדלט.
-
1. אײַנוויקלען אין ווינדעלעך. א, אַן עופֿעלע.
א, דאָס קינד. 2. בּכלל גוט אײַנוו קלען. א,
אין אַ גאָלדן פּאַפּירעלע.
אײנווינדן — טרוו. ווינד אײַן, ...,געוואונדן.
-
in(1ea י: Mhd. ארכ. דזוו אײַנוויקלען.
אײַנווינטש(עווע)ן — טרוו. ווינטש(עווע)
אײַן, ,געוואונטשן, ~געווינטש(עווע)ט. אַ
סך, אַ לענגערע צײַט ווינטשן. א, די־וועלט און
יענע־וועלט. א, געזונט און אַריכות־ימים.
איין ווינציק — אַרכ. דזוו איין ווייניק (←).
,,דא זאָל ער פֿאַר איין ווינציג אויש גיסן אויש
דעם כּוס אויף דיא ערד“, לט , סג/ב.

איינווינקלען — טרוו ־קל אײַן, ~געווינקלט.

—

1. (געאָמעטריע, טריגאָנאָמעטריע) אַרײַננעמען אין אַ ווינקל. א, אַ קרײַז. 2. אַרײַננעמען אין אייגענעם ווינקל. אײַננעסטן. "ווינקל מיך אײַן, נעם מיך אריף ווי אַ קרישל זאַמד, גלידער מיך אײַן אין דײַנע שטיינגעוועבן", א. ש ומיאַטשער, גק, No 41. ־דנג.

איינוויקל — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רע־־
זולטאַט פֿון אײַנוויקלען. וואַרעמער א'. 2. יריעה. "דער סופֿר אונדז אין ריינקייט טונקט, אַרן ווייסט איר ווי און ווייסט איר וואָס פֿון אונדזער א, סע זינגט", א א, יעק ס געצעלטן.

3. פּאַפּיר וואָס וויקלט אײַן אַן אײַנגעבונדן בוך. "אין גוטן לײַוונטענעם אײַנבאַנד, מיט אַ פֿאַרביק געצייכנטן א'", בצג, טאָג, 30 7 19) XII.

איינוויקל דיק — אַדי. וואָס מע קען אײַנ־־
וויקלען. א'ע זאַכן. ־באַר — דטשמ נר.

איינוויקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנוויקלען. א, אין טלית. „דײַני האָפֿר מיט פֿײַניגונג און אײַן וויקלונג אין אַש, מאַך זיא לעבן מיט דעם טויא“, מחזור ר״ה ויו״כ, הומבורג 1721, קעו/ב. “גאָט לײַכט צו דעם נפֿש, וועלכער זוכט אים מיט דעם אור פֿון זײַן תּורה, וואָס דאָס איז די א, פֿון זײַן לבֿוש ממש“, תּניא, קלו.

אײַנוויקלען — טרוו. ־קל אײַן, ~געוויקלט.

1. אײַנהילן. אײַנדעקן. אײַנדרייען. אַרומוויקלען. א, הערינג אין א צײַטונג. *א, עמעצן אין וואַטע = איר בײַטעם. א) טײַער האַלטן; ב) אומגיין מיט עמעצן (אָדער מיט עפּעס) זייער אָפּגעהיט. “ווער עס וויל נישט זײַנע ווערטער א, אין וואַטע“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „ר, חנינא בן תּרדיון... און, הובן אים איין גוויקלט אין די ספֿר תּורה...“, ר, ליב סופֿר בן ר, חדיס חזן מפּוזנן, 'קינות',

פּראָג תּס״ט. „ווען ער האָט קרבּנות גיבּראַכט, דא האָט ער זײַני הענד אײַן גיוויקלט אין איין זײַדן טוך, ער האָט ניט וועלן זײַני הענד

בּישמירן“, לט 1, קלא/א. “מוז מען אים [דאָס ניי־געבּאָרענע קינד] א, אין אַ וואַרעמער זאַך“, מלכּה בּערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. “דער טאַטע האָט... איינגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ שטיקל פּיי“, ממוס, ווינטש □ .

„האָט געגומען זיין פּיריאָריקן זון, אין טלית איינגעוויקלט... געטראָגן אין חדר אַריין“, אַש, תּהילרט־ייִך.

2. אַריינלייגן, עס זאָל ווערן אַרומגעדעקט. א, דעם טלית אין טלית־זעקל. “אַז זיי האָבּן אונטערגעלענט דאָס האַרץ, האָט סענדערל איינגעוויקלט דאָס בּיסל איבּעריקע שפּייז צוריק אין טאָרבּעלע“, ממוס, מסעות

3. דזוו בּבּ 1־2, □רג. דער נעפּל וויקלט אַלץ איין. „א, ליבּע אין אַ כּישוף־שלייער“, ל. קאָבּרין איבּז, מאָפּאַסאַן, געז, ווערק I. “ווען איך וועל אויף זייער שפּראַך ריידן און מיין אמונה א, אין זייער גלויבּנס מאַנטל...“, יהואָש, ' הורקנוס'. “אין אַ פּורפּור־מאַנטל ווערט איינגעוויקלט דער עק הימל“, שע, אידישע שרייַבּער. “מיר וועלן דאָס ליד איינהילן אין בּלויע טיכער און אפּשר גאָר עס א, אין פּראָסטן וויס“, הל. “האָט דיין געוויין מיך איינגעוויקלט אין

תּכריכים־לײַלעכער“, מאיר ש טיקער, טמז, 3 19
.IX 24

4. צונויפֿוויקלען. פֿאַרוויקלען. א, די מגילה. א, די ספֿר־תּורה. א, ציגאַרן. א, דעם טרעטער. “די טערקישע שאַל פֿאַרדינט זיך צו ליגן אין שענסטן תּפֿילין־זאַק, אײַנגעוויקלט צו ווערן אין די בעסטע תּחינות פֿון שׂרה בת־טובֿים“, בעמ III.

5. אַרײַנטאָן עפּעס אין עפּעס און אײַנקנעטן. א, ראָזשינקעס און עפּל אין שטרודל. א, מאַנדלען אין קעז. 6. אַרומנעמען. באַהערשן. א, אין שרעק. “שפּרייט אויס דײַן אָרעם, ברודער דו מײַן, אין די מסתּרים וויקל מיך אײַן“, הל, 'זינג פֿון מסתּרים'.

7. מילדערן. פֿאַרשטעלן. א, דעם שטאָך אין (מיט) אַלערליי קאָמפּלימענטן. „אַיעדעס וואָרט אײַנגעוויקלט ראָמאַנטיש“, י)ראָל אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, אַס 1893. „די שוידערלעכע

י

ווירקלעכקייט האָבן די ייִדישע חכמים אײַנגעוויקלט אין דעם פּסוק פֿון תהלים 'ידין בגוים מלא גויות„„ [תהלים, קי, 6], הרבֿ ש ורין, פֿאָר, 1961 I 14. א, די טומאה אין דער יראה =

פֿאַרשטעלן דאָס שלעכטע, דאָס זינדיקע מיט
כלומרשטער גאָטספֿאָרכטיקייט.
אײַנוויקלען זיך — ← דפֿוו. זיך טיפֿער א,
-
אין טלית. "און, וויל מיך אײַן וויקלין מיט אַש
און, וויל וויינין", עח ס/א. „ער וועט זיך קענען
א, אין פֿרעמדן מזל", זב, דער קליינער
כלבוניק, אַדעס 1885. "האָט ער זיך אין
טרויערקליידער אײַנגעוויקלט... און האָט גענומען
מתפּלל זײַן פֿאַר גאָט", יהואָש, 'משה רבינוס
טויט'. "א, זיך אין דיר ווי אין אַ וואַרעמען
פּעלץ, אַזוי פֿון דיר געטראָגן ווערן", דפ,

אײַנוועבן

,בערגשטײַגער'. פֿיג. א, זיך אין (אַ אַנטל פֿון)
גערעכטיקייט.
־עכ ן. ־עניש.
אײַנוויקלער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס וויקלט אײַן. "ער זאָגט: איך אַרבעט
אין פֿאַרלאַג. יאָ, ער איז דאָרטן אַן א, פֿון
פֿעקלעך", רייד (נ"י).

אײַנווירטשאַסטן — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~געווירטשאַפֿט. אײַנשאַפֿן, אַרײַנבאַ ומען אין
דער ווירטשאַפֿט. א, אַלץ וואָס דאָס אויג זעט.
מיט ז י ך—אײַנבאַלעבאַטעווען זיך. א זיך מיט
מעבל און כלים. זיך א, אויפֿסנײַ אויף אַ
פֿערמע ־ונג.

.

איינווירען — טרוו. ־רע אײַן, ~געווירעט.

-

דורכויס דורכפֿירן ליניעס. א, די בויגנס פּאַפּיר.
איינווירצן — טרוו. ווירץ אײַן, ~געווירצט.

-

1. אײַנמאַרינירן, אײַנקאָנסערווירן. אײַנפּעקלען.
א, פֿלייש, זויערע אוגערקעס. א אַ קעלבערן

,

צינגל. 2. אײַנרײַבן מיט געווירצן אַ טייל פֿון
קערפּער. א, די אָרעמס. 3. פֿיג אַרײַנגעבן
שאַרפֿס, באַטעמטס, 'געווירץ'. א אַ דרשה מיט

,

פּעפֿערדיקע וויצן.
איינווירקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער

--

רעזולטאַט פֿון אײַנווירקן. ‘‘שטיינקוילן נעמען

זיך דערפֿדן, וואָס בּיימער זײַנען דררך
פֿאַרשיידענע נאַטירלעכע א'ען פֿונאַנדערגעלייגט
געוואָרן אויף זייערע יסודות“, א. ש זאַקט, דאָט
לעבּן פֿון פֿלאַנצן. 2. השפּעה. רעאַגירונג. די
א, פֿון דער סבֿיבֿה. די א, פֿון די יונגע יאָרן
אויף דעם גאַנצן לעבּן. “די ניט־עקאָנאָמישע
פֿאַקטאָרן רופֿן זיך אָפּ אויף דער א, פֿון דעם
עקאַנאָמישן פּראָצעס“, זשיט, דאָס נ.ע לעבּען,
נאָוו, 1910.
אײַנווירקן — אוטוו. ווירק אײַן, ~געווירקט.
.
1. האָבּן אַ השפּעה. בּאַאײַנפֿלוסן. א, אויף
קרובֿים, אויף תּלמידים. א, אויפֿן בּאַשלוס. א,
אויף דער פֿאַרזאַמלונג. “ער געפֿינט דעם
ריכטיקן וועג און די פּאַסיקע ווערטער אײַנצוּווירקן
אויף דעם יוגנטלעכן“, ימ איבּז, ייִנגל און
מיידל. 2. ווירקן עס זאָל זיך עפּעס בּײַטן
(אין אַ מאַטעריעלער זאַך). א, מיט פֿיזישע
אָדער כעמישע מיטלען. “די זאַלפּעטער־זײַערע
האָט אַ לאַנגע צײַט אײַנגעווירקט אויף די פֿאַרבּ
פֿון קלייד„, ש. שפּירא, קליידער־פֿאַרבּערײַ,
וואַרשע 1900 ־עכן ־עניש.
.

איינווישן — טרוו וויש איַן, ~געווישט.
-

1. ווישן, אויסווישן אַ ביסל. א, די ענצטער, אָבער זיי ניט פֿאַרענדיקן רייניקן. 2. ווישן אַ טייל פֿון עפּעס. פֿאַרווישן. א, די קאַלוזשע וואָס דאָס קינד האָט געמאַכט ־עכץ —עניש.

. .

איינוועבן — טרוו. וועב איַן, ~געוועבט.
-

[. אַריַינגעבן אין געוועב עפּעס פֿון אַן אַנדער מין (מאַטעריאַל, קאָליר אע). א, קאָלירטע פֿעדעם אין גרויער וואָל. ״ווען איינער האָט איַינגעוועבט אַ פֿאָדעם פֿרן די וואָל כון אַ בכור

 ..
אין אַ קלייד, מוז מען די קלייד פֿאַרברענען״, זרעיט, קיד/ב.
2 פֿיג. אַריַינגעבן, צוגעבן עפּעס וואָס איז
.
ענלעך אָדער אַ דערש אין אַ פּראָצעס אָדער

צושטאַנד, וואָס נאָר מעטאַפֿאָריש □ ינדט זיך
עס מיט וועבן. א, אין דער סימבאָליק פֿון
אַמאָל זעאונגען פֿון מאָרגן. א, אין דער
לעגענדע נײַע מאָטיוון. א, אין דער דערציילונג
נאַטור־באַשרײַבונגען. „לײַכט און וועבט אײַן
שטראַלן אין די שוואַרצע לאָקן“, דא, שטילע
געזאַנגען. „דורך דײַן חלום ציִען דײַנע דינסטע
פֿעדעם און וועבן אײַן אין זיך די נאַכט מיט
אירע שטערן“, הר, אין שאָטן פֿון בויס. „אַ
גראָע בענקשאַפֿט, אַ געהיימער צאָרן זײַנען
אין די לידער אײַנגעוועבט געוואָרן“, אַר,
'דורות,.
3. אַרײַננעמען אין זיך (דאָס וואָס דערמאָנט
אין אַ פֿאָדעם פֿון אַ געוועב). א, אין זיך
כלערליי השפּעות. „מיט קלאַנגען און פֿאַרבן, אין
וועלכע ער האָט אײַנגעוועבט זײַנע געפֿילן“,
ספּ, סודות. „די לופֿט, אַ שטילע און אַ קאַלטע,
האָט זיי ביידן [הימל און ער□] אײַנגעוועבט אין
זיך“, מ. רי□קין, דער וועליזשער בלוט־בלבול,
ווילנע 1914.
מיט ז י ך — „... קען זיך א, אין דער

אַרומיקער שטילקייט,,, חג, 'דער שטומער מנין,.
איינוועב ־ונג ־עכ□ן ־עניש.
—
. . . .
איינוועגיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין וועג.
וואָס גייט נאָר אין איין ריכטונג. ,,געפֿילן,
אָדער עמאָציאָנעלע געבונדנקייט, זײַנען בטבֿע
א"', לל, ייִבל XXII. ־יקייט — ,,א, איז פֿאַר
ליטעראַטור — אָנוועגיקייט", שנ, ייִד, שרײַבער
אין סאָוו, פֿאַרבאנד.
איינוועגן — טרוו וועג אײַן, ~געוואויגן.
-
1. ניט דערוועגן, געבן אַ פֿאַלשע וואָג,
ווייניקער ווי ס'באַדאַרף זײַן. א, אַ פּוד אײַזן, אַז
ס'זאָל פֿון אים ווערן אָנדערהאַלבן. 2. וועגן
לאַחדים, אַז ס'זאָל דערנאָך זיך באַקומען אַ
פּחת פֿאַרן קרעמער. א אַ זעקל צוקער אין
,

-
פֿונטיקע טוטלעך און אָנווערן דערבײַ היפּשע
עטלעכע פֿונט. 3. אויסוועגן אויף לאַחדים.
א אַ פֿונט טיי אין לויטן. 4. פֿיג. זײַן

אָפּ̄געָ,
היט אין אַרויסזאָגן, אין פֿאָרמולירן. ניט
דערזאָגן. א, די ווערטער פֿון לויב (פֿון טאַדל).
מיט ז י ך — ספּעצ צום בּ2, אָנווערן
פֿאַר,
לירן בּײַם צעוועגן. „מע מוז געבּן מיט אַ קויף
און עס וועגט זיך אײַן אַ פֿאָר פֿונטלעך„.
איינוועגס — אדוו. זן. טרעפֿט זיך פֿטמ אין
פּר. דזוו אין א, פֿאַר א, — די געוויינטלעכע
,
פֿאָרמען. גלײַכצײַטיק. בּשעת מעשׂה. אין (מיט)
דעם זעלבּיקן גאַנג. „גיי אַרײַן צו דער בּאַבּע
זען וואָס זי מאַכט. וועסט א, קריגן
חנוכּהגעלט“. „און וועקן א, אַ רעבּעלישע
קעגנערשאַפֿט צו... אומפּרײַהייט“, א. י. זאַקוסקי, דוד
עדעלשטאט....
איינוועלגערן — טרוו. ־ער אײַן, ..,

געוועלגערט. 1. דזוו אײַנוואַלגערן (←). צום בּ1 —
זן. א, אַ וואַנט, די אַלטע חורבֿה. צום בּ2: אויך
אײַנשמוציקן, אײַנשמירן מיט (אין) קויט. א,
דאָס זײַדענע קלייד אין בּלאָטע. „כּי יראתי שלא
ללכלך פקדון המלך מרגליות טובֿה — דען
איך האָבּ מורא, איך זאָל ניט א, דעם פּקדון

1149

ספּר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא 1819, לו/א. צום בּ3: א אַ בּלאַט און צעשנײַדן אויף קרעפּלעך.

,

צום בּ4: א, די גרויסע שטיקער וועש. מיט ז י ך. ־ו□נג. ־ניש.

איינוועלן — טרוו. וועל אײַן, ~געוועלט. פּד.

-

אוקר. שטעלן אַ כּלי מיט מילך אויפֿן פֿײַער. אײַנקאָכן, אויפֿקאָכן (וועגן מילך). א אַ טאָפּ

,

מילך.

איינוועלערדיק — אַדי. וואוילויונגעריש. וואָס האָט נאָר איין וועלער, אַ תּאווה נאָר צו איינס. ,,אַן א'ער יאַט, נאָר איין מויד וויל ער“, רייד (קאָוונע).

אײַנוועלקן — אוטוו. וועלק אײַן, ~געוועלקט. 1. אָנהייבּן וועלקן אָדער אינגאַנצן פֿאַרוויאַנען. די גראָזן וועלקן אײַן און ס'פֿילט זיך ווי דער ווינטער ווערט נעענטער. 2. בּכלל אײַנוויאַנען,

אײַנדארן, אײַנטריקענען פֿאַרלירן פֿרישקייט,

—

.

יונגשאַפֿט. ״די מיידלעך אין שטעטל זײַנען
נעבעך געבליבן פֿאַרזעסן און האָבן אײַנגעוועלקט
פֿאַר דער צײַט״.

איינווענד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

--

פֿון אײַנווענדן. אָפּפֿרעג, אָפּווענד, אָפּווײַז. אַן
א, קעגן אַ שלעכטן פֿאָרלייג. מאַכן אַ ריי א'ן
קעגן געזעץ־פּראָיעקט. אַן א, קעגן פֿאָרזיצער.

איינווענדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רע־־
זולטאַט פֿון אײַנווענדן. דזוו דפֿוו. ניט־
אײַנוויליקונג, טענה. כּסדרדיקע פֿאַלשע א'ען. קומען
מיט אַן א'. „די א'... [וואָס] גאָט האָט קעגן
די לײַטן די חכמה האָבן און ניט דערנאָך טוען״,
מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ״ט. „יעקבֿ לערנער
האָט זי ניט געוואָלט באַאומרואיקן מיט א'ען
און וויכּוחים״, ספּ, סודות. „זשאַלעוועט מען
דאָ ניט קיין דוגמאָות, בפֿרט דאָרטן וואו עס

קענען זײַן ספֿקות און א'ען״, ימ, ייִשפּ XX.

איינווענדזלען — ← אײַנוויאָנדזלען.

--

איינווענדן — אוטוו & טרוו. ווענד אײַן, ~

געווענדט [ּ .,,געווענדעט, נר] (ּ י־,געוואָנדן, פּד).
1. אָפּפֿרעגן, דערווידערן, אַרויסקומען מיט אַ טענה. א, קעגן פֿאַלשן אויסטײַטש. א, קעגן פֿאָרשלאָג, געזעץ־פּראָיעקט. א, קעגן דער האַנדלונג פֿון פֿאָרזיצער. ,,איך ווייס לחלוטין ניט וואָס מע וואָלט געקענט א אַנטקעגן אַזאַ

,
שריט“, זשיט IX, נ״י 1919. ,,הײַנט אויפֿדערנאַכט איז דאָך שבת! — האָב איך אײַנגעווענדט,,, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָביטש 1898.
2. אַרויסטרעטן אַנטקעגן. “קיינער ווענדט ניט אײַן?... איז אָנגענומען!“, רייד (קאָוונע). ,,איך וועל דיר, פֿאָטער, אום מינדעסטן ניט א'“, אמד, דער פֿאַרמאַסקירטער פֿראַנט, ווילנע 1887.
3. צוגעבן, מוסיף זײַן עפּעס וואָס פֿאַרריכט (איז קעגן) פֿריִערדיקע רייד. באַוואָרענען. ,,... אָבער כּמעט בלינד — וויל עמעץ א',,, פּרץ, ,נישט פֿאַרמשפּט'. ,,עס שאַט ניט, — האָט אײַדע אײַנגעווענדעט, — הײַנט וועל איך שפּילן דײַן ראָלע,,, אַר, 'גלײַבהייט'. ,,עס איז ניט הײַנט אַ נײַס! — האָט אַבֿרהם אײַנגעווענדט —

איינוועטיק

אַן אָרעמאַן איז אומעטום שלעכט", י. בערלין,
משה דער טרעגער..., נ"י 1901.

4. טרוו. אָנוועגדן, אָננעמען מיטלען. זיך מִיִען
דורכצופירן. א, אַלע כּוחות (מיטלען). א, חכמה
עפּעס צו דערגרייכן. „פֿונדעסטוועגן באַדאַרף
מען אַלדינג א, וואָס סע שטייט אין מענטשנס
הענט", רייד (קאָלאָמיי). „דאָס הייסט ווען ער
וויל זײַן חכמה דערצו א', קען ער אַלע
פֿאַרבאָרגעניש אַנטפּלעקן", א. פּאַוויר איבּז, בחינות
עולם, זשאָלקעוו תּקס„ה. „די אשה דאַרף... פֿיל
מיהע אײַנצוּווענדן צו פֿאַרטרײַבּן אַלע מיני
מחלוקת פֿון הויז", ר, יצחק האַמבּורגער איבּז,
יח יצחק, קראָקע 1882. "רפֿאל אַ מענטש
מיט יושר... האָט אַלצדינג אײַנגעווענדט פֿון
זײַן זײַט דאָס פֿײַער פֿון אָנהייבּ צו לעשן",
ממוס, ווינטשפֿ.

5. (אײַנבּינדערײַ) אײַנקנייטשן און אײַנלייגן
די געדרוקטע בויגנס אין אַ ריכטיקן סדר,
איידער מע בּינדט אײַן. א, די בּויגנס. [ווען מע
פֿאַרווענדן.]

האָט אַ טעות הייסט עס —

מיט ז י ך — איבערציַיגן זיך. „איך וועל זיך
ניט לאָזן א, פֿון קיינעם... איך זע עס
טעגלעך מיט מײַנע אויגן„, אמד, דער בן־יחיד,
ווילנע תּרל״ה. ־עכץ. ־עניש.
איינױוענדער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
־

אָפּאָנענט; אָפּלייקענער. ווער עס קומט מיט
אַן אײַנווענדונג. אַ שטענדיקער א, ־עריי.
— .
איין וועק — אַרכ. דזוו אַוועק. ״זיא וואָלטן
מיט אַנדער אין דיא קאַמיר אײַן שטײַגן דר
ווײַל דיא יודן אין דיא שול וואַרן אונ, אַלז
איין וועק נעמן״, מבֿ, מעשׂה קיז [אַווע III].
איינוועקסלען — טרוו ־סל אײַן, ~
געוועק— .
סלט. פּר [פֿאַר כלל־שפּראַך נר]. אײַנבײַטן.
א, צען זלאָטעס אויף קליינגעלט.
איינוועקסן — טרוו. וועקס אײַן, ~געוועקסט.
--
אַמ. אײַנשמירן מיט וואַקס אָדער אַן אַנדער
שטאָף, ענלעך צו וואַקס. דזוו אײַנוואַקסן II.
א אַ פּלאָר.
,
איינווערבירן — טרוו. ־ביר אײַן, ~(גע)־

-

ווערבירט. פפ: ..־,ווערבעווען. 1.
אַרײַנקריגן (דורך פּראָפּאַגאַנדע אָדער צייאַנג) אין
אַ מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. א, יוגנטלעכע צו
(אין) מיליטער־דינסט. 2. אַרײַנקריגן,
אַרײַננעמען אין יעדער מין אָרגאַניזאַציע. א, אין
פּאַראיין. א, נײַע פּאַרטיי־מיטגלידער. 3.
אַרײַנקריגן אויף אַרבעט, געוויינלעך אַזאַ וואָס איז
שווער. א, פֿויערים זיך צו באַזעצן אין דער
טײַגע, באַפֿרײַען זיי דערפֿאַר פֿון צאָלן
שטײַערן. ־ונג.
איינווערבן — טרוו. ווערב אײַן, ~געווערבט.

-

קריגן, אַרײַנקריגן, אײַנשאַפֿן זיך. "אַז דער
מענטש האָט אין זיך אײַנגעווערבט גוטע מידות,
געפֿעלט ער יעדן מענטש", סשי I, סח.
איינווערטיק — אַדי. 1. דזוו אוניוואַלענט.
,,די פֿאַראייניקונגען פֿון טאַל[יום] טיילן זיך
אויף א'ע און דרײַווערטיקע...,,, 'טאָז'־שריפֿטן,
וואַרשע 1929. 2. וואָס האָט אומעטום נאָר
איין אָנגענומענעם ווערט. ,,זעט איר, גאָלד איז

א', אָבער ניט זילבער". ־יקייט.

איינווערטערדיק

איינווערטערדיק — אַדי. וואָס באַשטייט
נאָר פֿון איין וואָרט. א'ע זאַצן. א'ער לאָזונג.
אײַנווערעמען — טרוו. ־רעם אײַן, ~
געווערעמט. 1. (געניצט געווייִנטלעך אין פּאַסיוו)
אײַנפֿלאָדיען ווערעם. די פֿלוימען זײַנען
אײַנגעווערעמט געוואָרן. 2. בכלל פֿאַראימרייניקן
(מיט שמוץ, שלעכטע רייד, רשעות אע). א,
(ווערטער פֿון) רשעות אין די כּלומרשט־גוטע
ריידעלעך. א, ליגנס אין באַריכט. מיט ז י ך.
—ונ .
איינוועשן —־ פּר דזוו אײַנוואַשן ←.
־
איינו'ך—דער, ־ן. <איי <גר. פּפֿ: יעוונו'ך.
קאַסטרירטער מאַן פֿאַרשניטענער, סריס. דער

,
א, וואָס באַדינט און באַוואַכט די פֿרויען אין

האַרעם. זידלוואָרט פֿאַר אַן אומענערגישן מענטשן פֿאַר אַן עקר. איינוכאָאי'ד —

שפּאַטיק. ווער עס שטאַמט פֿון אַן איינוך.

איינזאָגן— טרוו. זאָג אײַן, ~געזאָגט. 1. אײַנ־־
טענהן. אײַנרעדן. אַ סך מאָל זאָגן, עס זאָל אַרײַנדרינגען. א, דעם גבֿיר ער זאָל געבן אַ גרעסערע נדבֿה. א, אויסלענדישע ייִדן אַרײַנצולייגן זייער געלט אין מדינת־ישׂראל. „עלטערן זײַנען געצוואונגען כּסדר אײַנצוזאָגן זייערע קינדער: לאָזט זיך ניט פֿאַר ירן„, א. מענעס, פֿאָר, 24 1966 I.

2. אײַנלערנען וואָס צו זאָגן. א, דעם שליח וואָס ער האָט צו טאָן. „דער קיניג האָט אים אײַנגעזאָגט וואָס ער האָט צו ריידן“, א. ג., דער פּראָצעס, וואַרשע 1885.

3. אָנזאָגן, אײַנווײַזן וואָס צו טאָן. דיקטירן. “גאָט איז גערעכט. ער פֿירט די וועלט. מיר קענען אים קיין דעות נישט א"“, ספֿר שבֿחי רמ“ל, לעמבערג, יאָר? “אַ שרײַבער וועט קיינער ניט א, קיין דעה, וועגן וואָס ער זאָל שרײַבן און וועגן וואָס ניט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.

4. מתרה זײַן. וואָרענען. „עז זאָל אויך דיא גמיינן בּירגר אײַן גזאָגט ווערין דז מען קיין יהודא ניט אַן גרײַפֿן זאָל“, בּאַלעגערניש. „איז גבליבּן ג״ו [גבּאים ומבֿוררים] בּײַא גראָסין קנס אײַנזאאגען דאָס איטליכה גבּאית זאלל זיך אימר צו בּעפֿינדען לאסין מיט איהרע וואכין לײַט“, 'תּקנות פֿון פּראַגער חבֿרה קדישא',
תּנ״ב [□□h□, □□□. □□d□□□□].

5. (בּוקאָווינע, גאַליציע) אונטערזאָגן שטילערהייט. א, דעם ענטפֿער בּײַ אַן עקזאַמען.
מיט ז י ך — זיך אײַנחזרן. פֿטמ בּאַשטימען בּײַ זיך עפּעס (ניט) צו טאָן. זיך א, ניט צו ווערן בּרוגן.
־ונג. ־עכ□ן. ־עניש — “...
אײַנצואָרדענען זייער לעבּן אָן פֿרעמדער הילף און פֿרעמדער א׳“, זר איבּז, נ. רובּאַקין פֿאַר
,
פֿרײַהייט און רעכט, ווילנע, יאָר? ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איינזאָט — דער, ־ן. אַקט אָדער פּראַצעס פֿון
--
אײַנזאָטן. מאכל וואָס ווערט אײַנגעזאָטן. אַן א, פֿון פֿלייש מיט בּעבּלעך.

איינז טלען — טרוו ־טל איַין, ~געזאָטלט.
־
1. אָנזאָטלען, אַרויםטאָן אַ זאָטל. א, די ערד

115()

צו(ם) רײַטן. 2. פּיג. אַרויפֿלייגן התחייבֿותן.
א, עמעצן מיט (אין) קהלשער אַרבעט. —ונג.
אײַנזאָטן — טרוו. זאָט אײַן, ~געזאָטן.
אײַנקאָכן מיט ווייניק וואַסער, מיט אַ פּעטס. א,
פֿלייש. א, די וועטשערע —עכ ן.
.
איינזאַלבן — טרוו. זאַלב אײַן, ~געזאַלבט.
.
1. אײַנרײַבן מיט זאַלב. א, די צעשפּאָלטענע
הויט. 2. דורכפֿירן ביזן סוף דעם אַקט פֿון
זאַלבן. א, דעם גאָטס־דערווײלטן פֿאַר אַ מלך.
־ונ .
איינזאָל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אײַן, ~
געזאָ—
.
ל(י)עט. 1. אַרײַנלייגן (וועש) אין לויג,
אַשוואַסער. אײַנשווענקען מיט זאָלע. א, גרעט.
2. אײַננעצן מיט השתנה. א, דאָס בעטגעוואַנט.

אײַנזאַלצן — טרוו. זאַלץ אײַן, י.,געזאַלצט,
-
~געזאַלצן. 1. אַרײַנשיטן אָדער אַרויפֿשיטן
זאַלץ. א אַ שטיקל ברויט פֿאַר אַ המוציא.
,
2. אײַנטונקען אין זאַלץ אָדער אין
זאַלצוואַסער. א, קאַרטאָפֿל אין הערינג־ראָסל.
3. ווי געהעריק באַשיטן מיט זאַלץ און
האַלטן אויף שפּעטער צום ניצן, צום עסן. א,
באָב אויף פֿרײַטיק־צונאַכטס. א, פֿיש אויף
מאָרגן. א, אַ זײַטל פֿלייש. ,,און, אַז ער זי
[=זיי, דעם ער־לויתן און די זי־לויתן] הוט
באַשאַפֿן, דא הוט ער די נקבֿה הורג גוועזין אונ,
הוט זי אײַן גיזאלצין דען צדיקי, צו לעתיד
לבֿא״, טח, בראשית, א, 21, רשי. ״גייט יעדעס
יאָר זייער פֿיל הערינג פֿאַרלאָרן אומזיסט. מען
אוספּייעט זיי ניט אין דער צײַט אײַנצוזאַלצן
און זיי ווערן פֿאַרפֿוילט״, איבז, בילדער פֿון
טהיער לעבען, ווילנע 1898. *קענסט עס א, =
א) קענסט עס ניט ניצן איצט; ב)
פֿאַרבאַהאַלט אויף שפּעטער און וואַרף דערנאָך אַרויס.
4. באַזאַלצן, באַשיטן מיט זאַלץ וו אַ מיטל
I
צו באַאַרבעטן. א, פֿעל. ״ווער איין הויט

אויסאַרבעט, אײַנזאַלצט... אום שבת איז חייבֿ משום (מעבד)", הר א ברודא, הליכות עולם, אונגוואַר 64 1.

5. קאָנסערווירן; פֿאַרהיטן (איר). „אַז מע שטאַרבט, זאַלצט מען ניט אײַן (נאָר מע באַגראָבט)", שוו. *א, סחורה = ניט קענען פֿאַרקויפֿן (ווײַל דער פּרײַז איז צו הויך). „זאַלצט עס אײַן (מיט אײַער מקח)" — אויסדרוק, געניצט פֿון קרעמערס וואָס קויפֿן ניט בײַם הורטאָווניק די סחורה איבער דעם צו הויכן פּרײַז.

איך וועל עס ניט א, = ניט באַהאַלטן, ניט אויפֿהיטן בײַ זיך (נאָר אָפּגעבן, איבערגעכן אַן אַנדערן). מע וועט מיך (אונדז אאזוו) א'?= פֿאַרהאַלטן, אַרעסטירן, ניט אַרויסלאָזן? *א אַ

,

-

מאַיאָנטיק (אַ פֿאַרמעגן, אַן אוצר אע) =
פֿאַרלירן בײַ אַן אומגעראָטענער ספּעקולאַציע. „דער ראָש־החבֿרה [קדישא] האָט
אויסגעקאָמאַנדעוועט [בײַם ניט דורכקומען וועגן קבֿורה־געלט]:
קומט קינדער אַהיים. לאָז ער דאָ ליגן [דער
מ], לאָז זי אים א', וועט זי האָכּן וואָס צו
עסן„, ייִפֿאָל, 38 1885, No. „וואָס זשע, מע
וויל אים א'? פֿאַרוואָס בּאַהאַלט מען אים
נישט?“, ספּ, יודישער קאָלאָניסט
6. איבּערזאַלצן. אַרײַנטאָן צו פֿיל זאַלץ. א,
די זופּ, עס זאָל ווערן ראָפּע.

איינזאַם

7 פֿאַרזיכערן. „ווער דא וויל ײַן ג ע ל ט
.
אײַן זאַלצן, דשׂ עז איין בּישטאַנד זאָל האָבּן —
דר זאָל מעשׂר אונ צדקה דר פֿון געבּן“, לט 1,
מב/ב. “דאָס שפּריכוואָרט גייט אין ירושלים:
ווער עס וויל זײַן ה אָ בּ א', דאָס ער וויל עס
בּאַהאַלטן, זאָל ער דערפֿון צדקה געבּן“, א.
פּאַוויר, ספּורי הפּלאות, וואַרשע 1844. „מלח
ממון חסר — דער פּירוש איז, אַז דו ווילסט

דײַנע געלט א', דאָס מיינט מען — זיי זאָלן אַ קיום האָבן, זאָלסטו די געלט מחסר זײַן אויף צדקה", ר, חיים יצחק גאַנדמאַן מקאַרלין, סגולה לעשירות ואריכות ימים, וואַרשע 1904.

8. דורכלאָזן, איבערהיפּערן (מיט אַ ביטולבאַציאונג). כלומרשט לאָזן אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדער מאָל. א, אַ דאַוו(ע)נען, אַ מנחה אע. א, דעם יעלה־ויבֿא.

9. אָנזידלען, אָפּטאָן, בּרענגען עמעצן אומכּבֿוד, היזק. א, עמעצן, יענער זאָל זיך האָבן וואָס צו קראַצן. "ער האָט מיך פּאַרטשעפּעט. האָב איך אים אײַנגעזאַלצן!".

1O. וואוילינגעריש. אײַנשטעלן אַ סך בײַ אַ שפּיל אין קאָרטן. א, דעם באַנק מע זאָל זיך צו אים ניט קענען צורירן. א, און שטעלן וואַ־באַנק. א, דעם טויז. א, אויפֿן טויז.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

איינזאַם — אַדי. דטשמ, אָפּט געניצט. 1. וואָס איז אַליין (אָן משפּחה, אָן פֿרײַנד, אָן אַ סבֿיבֿה). לעבן א, פֿירן אַן א, לעבן. אַן א'ע

.

עגונה. א, ווי אַ יתום. א, ווי אַ וואָלקולאַק, ווי אַ שטיין (אַ בוים) אין פֿעלד, ווי אַ דאָרן. א, ווי דער קאַרגער קלמן. א, אָן אַ קינד, אָן אַ

רינד   פֿאַרוואָס שטראָפֿט ער מיך אַזוי, אַז
— “.

איך זאָל זײַן א, ווי אַ בּוים“, אַש, □[הילים־ייִד.
“נאָמבּערג... האָט געשריבּן כּמעט דורכויס
נאָר וועגן א'ע נשמות, וועגן מענטשן וואָס
זײַנען אָפּגעריסן פֿון יעדער סאָציאַלער סבֿיבֿה“,
שנ, שלוט אַש. “אַוועקגעשפּאַנט מיטן טראָט
פֿון אַ א'ער חיה“, חג, צמח אַטלאַס.
2. עלנט, פֿאַרלאָזן. זיצן א, און עלנט. דער
א'ער פּאָעט. “דאָס פֿינצטערע געזיכט פֿון א'ען
שי□ער“, פּרץ, 'דער שטראַל‚. „די נאַכט איז
געווען זייער אַן אומעטיקע און איך האָבּ מיך
געפֿילט זייער א'„, ווײַס I□, 'אָפּגעשטויסן'.
“און בּײַ די וואָס שטאַרבּן אַלע שפּיטאָלענע
א'ע מיתות“, מלך ראַוויטש, נאַקעטע לידער,
ווין 1921.
3. וואָס איז אָן מענטשן, אָן אײַנוואוינערס,
אַרײַנגייערס אע. וואָס איז אָפּגעזונדערט פֿון
אַנדערע ענלעכע זאַכן. אַן א'ער בּוים אין
פֿעלד. אַן א, הויז לעבּן בּית־הקבֿרות. „יענע
א'ע (אָפּגעזונדערטע) ערטער וואו ער פֿלעגט
צו לערנען און צו דאַוונען“, אמד, בּן פּדק,
ווילנע 1865. “זאַמדן פֿון א'ע בּרעגן האָכּן די

שטראָמען פֿאַרדעקט, חורבֿות פֿון א'ע וועגן
האָבן פֿון שלאָף זיך געוועקט", אר, 'שטורמישע
צײַטן'. "א, איז געבליבן ירושלים, די
פֿילבאַפֿעלקערטע שטאָט, די פֿירשטין פֿון די
שטעט", ה ל. זשיטניצקי, 'דעם זיידנס הײַזל'.
"ווײַסע בעראָזעווע וועלדער, א'ע ביימלעך אין

איינזאַמדיקן
--

פֿעלד, שטיקער צעריסענע וואָלקנס...,,, סעג,
שטילע טרןימען, וואַרשע 1909.
4. וואָס איז אָן אַן אָפּרוף, וואָס קיינער
רעאַגירט ניט אויף דעם. א'ע געשרייען אין דער
נאַכט. ,,פֿון צווייטן צימער הערט זיך דעם
זייגערס א'ער טיק־טאַק", ווײַס, אַ שלעכטע פֿרוי.
,,א, האָבן געקלונגען זייערע שטימען,
פֿאַרהילכט פֿון זיפֿצן פֿון לײַדנדיקע", ימ איבז,
שד II .
סוב: איינזאַמ(ער) — מלל סאַרטײַטשט 'ואין
-

בודד במועדיו, (ישעיה, יד, 31): ,,איינזאַמר"
[תּי: ,,אָפּגעשטאַנענער"]. ,,עס טריפֿט דערפֿאַר

אָפּטער דעם א'ענס טרער,,, סעג, לירישע לידער.
אויך דזוו איינזאַמקייט (□.). ,,עס טוט מיר
מײַן א, נישט וויי“, סעג, קאַפּריזן. אויך דזוו
איינזאַם אָרט. ,,איבּער אונדזער א, — אָט דער
עדן־פּאַרק“, ל. קוסמאַן, נאַרנבּונד, 1931.
אײַנזאַמדיקן — טרוו. ־דיק אײַן, ~
געזאַמדיקט. 1. באַשטויבּן מיט זאַמד. א, די
קליידער אין וועג. א, די שיך. 2. באַשיטן מיט
זאַמד. א אַ סטעזשקעלע פּאַרן הויז. מיט
,
ז י ך. ־ונג.
אײַנזאַמל — דער, ־ען. אַקט פּון
אײַנזאַמלען. אַן אײַליקער א'. דזוו דווו.
אײַנזאַמלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פּון אײַנזאַמלען. געלט־א'.
2. צונויפּקום פּון אַ (גרעסערער) צאָל
מענטשן. געזעמל. טוו פּאַר 'קהל'. אַזוי אין □בּ,
ט/ב. 'בּקהלם אַל תחד כּבֿודי, (בּראשית, מט,
6) — מלמדישער טײַטש (פּאָד): “אין זייער א,
זאָל מײַן נאָמען ניט דערמאָנט ווערן“ [תּי: ,,צו
זייער געזעמל זאָל מײַן כּבֿוד ניט צושטיין“].
'שׂנאתי קהל מרעים, (תּהלים, כו, 5) — ,,איך
האָכ פּײַנט דאָס א, פּון שאַלקהאַפּטיקע לײַט,,,

חה, ב, 212. איבער די ציטירטע שטעלן אע
ווערט א, אָפּט געניצט דעראָגאַטיוו, מיט בייזע
כּוונות. ,,א, צו מחלוקת", עח, סג/ב; ,,זיך
דערווײַטערן פֿון דעם א, פֿון דער חבֿרותא", קה,
ווילנע תּרל,,ה, ו/ב. אויך נייטראַל אָן שום
פֿאַרמשפּטן: ,,אײַערי אײַן זאַמלונג וואשׂ איר
גייט אויף די מאַרק,,, שי, כ/ב. ,,אין הויף איז
געווען אַן א, פֿון פֿיל מענטשן,,, ש. וואָלצענאָק,
רבי יוחנטשע, וואַרשע 1883. טוו פֿאַר 'עצרה,.
,עצרת בוגדים, (ירמיה, ט, 1) פֿאַרטײַטשט
שעריר — "אַן אײַן זאַמלונג פֿון אייטל
שעליק" [תּי: "געזעמל פֿון פֿעלשער"]. 'קראו
עצרה, (יואל, א, 14) פֿאַרטײַטשט מלל — ,,אײַן
זאַמלונג", אַזוי אויך תּי. 'ויבא ועודנו מבֿקר,
(מחזור יום־הכּפּורים) — ,,און עס זאָל קומען
אונדזער א, פֿון פּרי,,, קרבּן אַהרן, ווילנע
תּרכ,,ח. ,,אַנשי כנסת הגדולה — דאָס איז
טײַטש איין הויך א'", הר□ י. געלבאַרט, מעע)ה
אָ□ות, ווילנע 1880.

3. אָנקלײַב, צונויפֿנעם. טוו פֿאַר 'מקוה'.
'ולמקוה המים קרא ימים, (בראשית, א, 10) —
□ב, ו/ב: ,,אײַן זאַמלונג", אַזוי אויך תּי אין
ספֿר אַקדמות מיט עבֿרי ט□.טש [לעמבערג?

אָנהייבּ 19. י״ה] — 'מי נפּישותא': ״די וואַשׂיר
פֿון פֿיל אײַן זאַמלונג״. „בּיידע שפּראַכן מיט

1151

זייערע גײַסטיקע א'ען זײַנען גלײַך וויכטיק״,
עלטערן־טריבּונע, מעקסיקע l950.
4. גערעטעניש. דאָס צונויפֿנעמען
גערעטעניש. טוו פֿאַר 'אָסיף'. ,חג האָסיף, (שמות, בג, 16; לד, 22) — ״פֿײַערונג דער אײַן זאַמלונג„„ טח, „יום־טובֿ פֿון א„„ תּי.
אײַנזאַמלען — טרוו. ־מל אײַן, ~געזאַמלט.
1. צונויפֿרופֿן מענטשן, צונויפֿקלײַבן זיי אויף איין אָרט. א, אַלע אײַנוואוינערס. א, די חכמים און זיך שואל עצה זײַן מיט זיי. „אונט דײַן פֿאטר אונט מוטר אונט דײַן בּרידר אונט אַלי הויז גזינד דײַן פֿאטערשׂ זאָלשׂטו אײַן זמלין ['תאספּי', ▯תּי — א'] צו דיר צו דײַנם הויז„„ סהמ, יהושע, ב, l8. „זאָל אײַנגעזאַמלט ווערן גאַנץ ישׂראל אַרום דיר„„ תּי, שמואל בּ, יז, 11. „האָט געהייסן א, די קינדער פֿון אַלע חדרים״, ש▯חי בּעשט.
2. ספּעצ. צונויפֿנעמען דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע ייִדישע פֿאָלק. צונויפֿבּרענגען

כּנסת־ישׂראל, מקיים זײַן דעם צוזאָג פֿון קיבּוץ־גליות. א, אין א״י, אין ירושלים. א, דעם איבּערבּלײַבּ פֿון ישׂראל. ״פֿון אַלי פֿיר זײַטן וואו הין ער זיא פֿר שפּרייט האָט, זאָל ער זיא צו זיך ווידר זאַמלן אײַן״, בּרכּת המזון, אַמשט 1723, טז/א. „ווערט אַן זעהן אונזער תּשובֿה אונ פּײַן אונ, ווערט אונז ווידר זמלן אײַן, כּל ישׂראל דיא גאַנצי גמיין״, ר, יהודה ליבּ בּר, משה זעליחו▯ר, שירי יהודה, אַמשט 1697. „זמלט אײַן דשׂ גזינד יעקבֿ פֿון דעם שטאַמלדיגן פֿאָלק„, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713. „גאָטס כּבֿוד וועט א, דיך״, ספֿר ▯יח הע)דה פֿיורדא תּצ״ז.

,

3. צונויפֿפֿירן, צונויפֿיאָגן בּאַשעפֿענישן. צונויפֿבּרענגען זאַכן. צונויפֿזאַמלען. א, די צעוואָרפֿענע חפֿצים. א, דאָס זילבּער. א, וואַסער אין בּאַסיין. .שלח העז את מקנך, (שמות, ט, 19) — מלל פֿאַרטײַטשט: ״זאַמיל אײַן״ [תּי: „אַרײַנטרײַבּן״]. „ווען אין מײַן מאַבט ווער איצונד אַל מײַני ספֿרים אײַן צו זאַמלין...„, אַלכּסנדר עטהויזן, בּית יע)ראָל ובית הבּחירה, אַמשט 1724. „אַזוי ווי איינער זאַמלט אײַן פֿאַרלאָזענע אייער... אַזוי האָבּ איך דאָס

גאַנצע לאַנד איַנגעזאַמלט״, ישעיה, פּירוש
עבֿרי־טײַטש, לעמבערג 1877. „וואַסער וואָס
זיי ציִען זיך אויף דער ערד, וואָס מע קאָן זיי
ניט א׳״, סדר סליחות, וואַרשע תּרפּ„ז, ז, 230.
4. אַראָפּנעמען און צונויפֿקלײַבן. א, תּבֿואה.
א, דאָס גאַנצע גערעטעניש. א, היי אין שײַער.
„ער האָט איַנגעזאַמלט פֿון פֿעלדער, וועלדער
און פֿון זײַנע אָבֿאָרעס״, אמד פֿיג. א, דעם

גײַסטיקן אינווענטאַר און ברענגען אים אין
פֿאָלקס שײַערן.
5. אָפּשפּאָרן. אָנקלײַבן. אָנשאַפֿן זיך. ,ואת
הנפֿש אַשר ע ו, (בראשית, יב, 5) — מםt
פֿאַרטײַטשט: ״זיא האבן איַין גיזאַמלט״ [תּי: „זיך
אָנגעשאַפֿט״]. „זײַני אוצרות וואשׂ ער אונ זײַני
עלטרן האבן איַין גיזמלט״, לט1, מב/ב. „אַלי
מאַכט אַן וועגדן פֿיל געלט אונ גוט איַין
...
צו זאַמלען״, משה איַזענשטאַט איבֿז, דרך

איינזאָמענטייליק

הישר לא ן בוחן, 1746, אָרט? „ווער וועט א,

די ליבשאַפֿט פֿון יאָרן און מיט באַלוינונג
בענטשן מײַנע טריט?,,, א. שומיאַטשער, אין
שעהען פֿון ליבשאַפֿט.
6. אײַנזאַפּן. אַרײַננעמען אין זיך. א, וואַסער
מיט אַ שוואָם. ,,אין זײַן הרצן טוט ער אײַן
זמלן [׳יקבץ׳] אונרעכטי מחשבֿות,,, סהמ,
תּהילים, מא, 7. ,,און, דער כּבֿוד פֿון גוט ווערט
אײַן זמלין דיך״, בראַנט, כח. ״זעה אַז דו
זאָלשׂט דײַן לימוד זאַמלין אײַן״, עיון, טו/ב.
7. ← אײַנגעזאַמלט ווערן.
אײַנזאַמלען זיך — ← דפֿוו. 1. צום בּ1:
--
אַ מחנה (די גאַנצע וועלט) זאַמלט זיך אײַן.
,,איר עליונים... איר תּחתּונים, זאַמלט אײַך
אײַן״, נצ1, ד/ג. ,,ווען ישׂראל זאַמלען זיך אײַן
אין זייערע שולן און לערנען און דאַווענען מיט
כּוונה אַזוי געדענקט הקבּ״ה אין דעם חורבן
.---

-

פֿונעם בּית־המקדש״, לט2, יז/ב. ״זאַמלס אײַך

אײַן, דען הײַנט קומט אײנער אין דעם הויז
אַרײַן, לאָמיר אים מזיק זײַן, איי ער גייט
אַרויס", קה. „אַלע האָבּן זיך אַרום דעם רבּין
אײַנגעזאַמלט און מיט ליכט אין די אויגן
געקוקט", ווײַס, 'מזל־טובֿ'. *א, זיך צ ו... =
אויך: זיך האַלטן אַן עצה. א, זיך אָנצונעמען
אַ החלטה. *א, זיך ק ע ג ן... מיט ציל צו
שטרײַטן, קעמפֿן. א, זיך קעגן ישׂראל.
צום בּ3: 'ונאספֿו, (בּראשית, כט, 3)
פֿאַרטײַטשט ממז: "זיי פֿלעגן זיך אײַן צו זאַמלן"
[תּי: "זיך צונויפֿגעזאַמלט"]. "זאָלן זיך א, די
וואַסערן פֿון אונטערן הימל אין איין אָרט",
תּי, בּראשית, א, 9. „ווען ער (שבֿחות ובֿרכות)
זאָגט און עס זאַמלט זיך אײַן שפּײַעכץ אין
זײַן מויל, זאָל ער ניט זאָגן בּיז ער
אויסשפּײַט", ספֿר חסידים, תּק"ז? צום בּ : „די
צוויי בּייזע מידות, מוטוויליקייט און גאווה,
זאַמלען זיך אײַן צו אַ בּייזן מענטשן", לט2,
קא/ב. אויך: זיך צונויפֿנעמען, זיך בּאַהערשן.
„די איינע שעה וואָס ער האָט אויסגעקליבּן...
צו א, זיך און צו שטיין פֿאַר [גאָט]", תּניא,
274. ־עניש.
איינזאַמלער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס.
--

1. ווער עס זאַמלט אײַן. "אַזו רידט גאָט דער ה[אַ]ר, דער אײַן זמלר דיא פֿר שטויסנן ישׂראל",
סהמ, ישעיה, ו, 8. 2. אינקאַסענט. דער א,
פֿון די חובֿות, שטײַערן ־עריי.
— .
איינזאַמען — אוטוו. איינזאַם, געאיינזאַמט.
נעאָל. געפֿינען זיך אין אַ צושטאַנד פֿון
עלנטקייט (איינזאַמקייט). „צווײַגיק און שווײַגיק
איינזאַמט אַ מנורה„, צײַט, גל III. „אַן אַלטער
בחור וואָס איינזאַמט אַ לעבן־לאַנג", מ
דלוזשנאווסקי פֿאָר, 14 1966 IX. מיט ז י ך — „אין
 ,
דער קליינינקער מאַנסאַרדע, וואָס האָט זיך
געאיינזאַמט אויף דער אָרעמער פֿאָרשטאָט",
פמ, דור־אויס דור־א ־ן. אויך: פֿאַרזאַמען זיך.
אָנקומען שפּעטער ווי גערעכנט. זיך א, און
אָנקומען נאָך אַלעמען.
איינזאָמענטייליק — אדי. וואָס דער
זאָמען פֿון געוויקס באַשטייט נאָר פֿרן איין טייל.
צו א'ע געוויקסן געהערן: קאָרן, ווייץ, רײַז,

איינזאַמקייט

פּאַפּשויען אא, פּאַלמע־ביימער, קאָקאָסניס אא

,,ווײַטער פֿאַרמאָגט יעדער זאָמען אַ מעליקן
ענדאָספּערם (שפּײַז־געוועב) און אַ שפּראָצל
וואָס באַשטייט פֿון אַ קנאָספּעלע, וואָרצעלע
און איין זאָמענטייל (דאָס שילדל, דעריבער —
א'ע געוויקסן)“, א. גאָלאָמבּ אדבּז, ג. באָטש,
געוויקטן וואַרשע 1922. ,,געוויקסן, וואָס
פֿאַרמאָגן איינטייליקע זוימען, הייסן א'ע און די
געוויקסן וואָס זייערע זוימען טיילן זיך אויף
צוויי הייסן צווייזאָמענטייליקע“, יאַכ I.—Mono
.coty1e()onae

איינזאַמק□יט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ אָדער
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן איינזאַם (□). “אין א',
אָן שטראַל פֿון ליבע“, אַר, 'שפּינאָזע,

פֿעל

□

,, ·
דזן־בערג אין גרויזאַם־שטומער א',,, יהואָש ,פֿון
די קעטסקיל־בערג'. ,,געהערט האָב איך פֿון
דעם א'־יום־טובֿ — ניט אַלע פֿאַרשטייען און
טרוימען דערפֿון“, סעג, אין קאַזמערזש ,,
שטילע א'ן נאַכטן זיך און טאָגן הינטער טײַער...

אַ פֿאַרמאַכטן“, א. ניסענזאָן, דאָס לעבן וויל אַ
מעשׂה הערן. „מײַן עלנטקייט זאָל מיך
פֿאַרפֿירן צו יענער טיפֿער א, וואָס צײַטיקט אויס
געדאַנקען נײַע“, חג, דער מאַמעט צוואָה “
זכרונות — דער איינציקער תּענוג אין א“‘, יק
איינזאַנגיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין
זאַנג. וואָס איז פֿון איין זאַנג. א'ע געוויקסן.
איינזאָנירן — טרוו ־ניר אײַן, ◻ .„זאָנירט.
—
.
נעאָל. אײַנראַיאָנירן. אײַנשטעלן זאָנעס. א,
אַ נײַע געגנט. “מע האָט דאָ נאָך ניט
אײַנזאָנירט און מיר ווייסן ניט צי מע וועט קענען
אויפֿשטעלן אַ שול־בנין אויף דער גאַס„, רייד
(נ“י).
אײַנזאַפּן — טרוו. זאַפּ אײַן, ~געזאַפּט.: Mhd
-
אַרײַנציִען אין זיך אַ .în. 1־sa]◻en
פֿליסיקייט. אַרײַנזייגן. א, וואַסער ווי אַ שוואָם.
“קוועטשט אויס פֿון די קליידער דעם גאַנצן
בענזין וואָס זיי האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט“,
ש. שפּירא, קליידער ◻ארבערײַ, וואַרשע 1900.
„ציט אַרויס די נשמה פֿון גוף, יוי מע ציט
אַרויס אַ האָר פֿון מילך וואָס דער האָר האָט

ניט אײַנגעזאַפּט פֿון די מילך און ער גייט אַרויס רײן...,,, יע□ץ איבּז, עין יעק□, בּרכות, וואַרשע תרמ"ו, כה/א. "מיר לעבּן ווײַטער אויף דער ערד וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אונדזער בּלוט און טרער", רייזל זשיכלינסקי, שווײַגנדיקע טירן. אויך א, ש ט ו י בּ.

2. דזוו בּ 1. פֿיג. א, ווערטער ווי שמעקעדיקן בּוימל. א, מיט דער מאַמעס מילך פֿרומקייט (גוטע מידות אע). ,,א, אין דער נשמה זינדיקע טרערן ווי טראָפּן וואַסער", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

3. אײַנאָטעמען. אינהאַלירן. אַרײַנציִען אין זיך אַ גאַז. א, די פֿרישע וואַלד־לופֿט. א, דעם גיפֿטיקן גאַן.

4. אַרײַננעמען אין זיך דורך פֿאַרשיידענע אָרגאַנען, חושים. א, אין זיך געשרייען פֿון געפֿײַניקטע. א, די שיינקייט פֿון לאַנדשאַפֿט. א, דעם בראָסט אין די בּיינער. ,,כּדי דאַס אויער זאָל א, אין זיך אַ בּיסל דבֿרי־תּורה",

ווײַס I, 'פֿון רבּינס שטובּ'. "ניקאָטין קען אײַנגעזאַפּט ווערן דורך דער אונטערהויט אין

מויל״, טמז, 21 1965 III. ״דער טאָג־געוויש ווערט אײַנגעזאַפּט מיט פֿרייד״, פּרץ, לידער און פּאָעמען. ״אײַנגעזאַפּט אין זיך ריחות פֿון בעז און אַקאַציע״, ייִז, יאָשע קאַלב. „... זאַפּט אין זיך אײַן יעדע תּנועה״, ש. ס ‌.מאָן, צווײַגן.

5. אַבסאָרבירן. זיך צראייגענען פֿון אַרום, פֿון דער סבֿיבֿה. א, די גוטע (שלעכטע) מידות פֿון דער נײַער סבֿיבֿה. א, דעם פֿיבער פֿון רעוואָלוציע און מלחמה. „איך [= ייִדיש] בין מיט זיי הונדערטער יאָרן / געגאַנגען דורך יעדער געפֿאַר, / און אײַנגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן, / און אײַנגעזאַפּט האָב איך דעם צער״, אַל I, 'ייִדיש'. ״ביסלעכווײַז זאַפּט מען אײַן אין זיך אומבאַמערקלעך שטריכן פֿון דער היגער אַנדערשקייט״, לל, איק, 1962 X 19. ״האָט דער רבֿ דערציילט פֿרומע מעשׂיות, זיי זאָלן א, אין זיך די צניעות פֿון פֿאַרצײַטיקע ווײַבער״, חג, טמז, 8 1965 X.

6. אַרײַנקריגן דורך פֿאַרשיידענע מיטלען. א, וו אַ שוואָם יענעמס האָב־און־גוטס

פֿוי

נאַנדערטיילן יענע רײַכטימער וואָס דו האָסט אײַנגעזאַפּט״, יהואָש, 'אַלטע פּסוקים — נײַ פֿאַרטײַטשט'.

7. מאַכן עפֿעס דרויסנדיקס אַ טייל פֿון אייגענעם איך. „שווײַגנדיקער חבֿר, איך זאַפּ דיך אײַן און לעבּ", סוץ, פֿעסטונג.

מיט ז י ך — „אין אַ פּאָר טעג אַרום, דער אייל זאַפֿט זיך אײַן און טריקנט צו, קיטעוועט מען די פּאָדלאָגע אויס", בּערג, בּײַם דניעפּער I.

„ער האָט זיך אײַנגעזאַפֿט מיט זײַנע אויגן אין דעם אַנטבּלויזטן האַלדז, בּריסט... און האָט בּאַוואונדערט און בּאַגערט", אַר, 'די בּאַרמהערציגע שוועסטער'. ־ונג. ־עניש.

איינזאַסעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אײַנ□־

זאַפּן. א'ע פֿליסיקייטן, שטאָפֿן. א'ע מידות.

—יקייט.

אײַנזאַסער — דער, ־ס. וונ נבּ. 1. ווער עס זאַפֿט אײַן. "מיר זײַנען די א'ס פֿון כלערליי קולטורן און זייערע איבּעראַרבּעטערס", ימ, קוד, 1938.

2. אַפּאַראַט, מכשיר, מיטל אײַנצוזאַפּן. שטויבּ־א'. „די פֿליסיקע לופֿט מוז פֿאַראייניקט ווערן מיט אַ ספּעציעלן א, וואָס אַנטהאַלט אַ סך קוילנשטאָף", י. קאַמענעצקי, דער זיג בּאַם דניעפּער מאָסקווע 1932. "דער כימישער א, בּאַשיצט □ונעם כלאָרישן וואַסערשטאָף", בּ בּ.

טראס, ווייס וןי צו באַשיצנ זיכ, מאָסקווע 1941.

אײנזאַסטיקן — טרוו ־טיק אײַן, ~
געזאַפּ -
טיקט. 1. אַרײַנלייגן אין זאַפּט (עס זאָל זיך
אָנציִען מיט דעם זאַפּט). א אַ מאכל, ס'זאָל
,

ווערן באַטעמט. 2. האַלטן אַ צײַט אין
געוויסע באַדינגונגען, אַז ס'זאָ I אָנהייבן
אַרויסגעבן זאַפּט. א, פּירות. אויך מיט ז י ך.
־ונג.
אײנזאַץ — דער, ־ן (אויך: ~זעץ). פּקפּ:
-
~זעצל. 1. דאָס וואָס ווערט אַרײַנגעשטעלט.
דער נײַער א, אין פֿענצטער פֿון קראָם. 2. דאָס

אײנזודלען
-

וואָס ווערט אַרײַנגענייט, צוגענייט צו אַ
מלבוש. אַן א, אין דער לינקער פּלייצע. „א'ן
פֿון דעקראָן־עלאַסטיק“ ▯אָר, 18 ;1963 I. „אָן
,
געסטקעס און אײַנזעצלעך פֿון באַטיסט וועט
אויסגיין צו...“, ממוס, פּריזיוו. 3.
אויסגעהאָפּטענע טייל וואָס מע נייט אַרײַן אין אַ
ציכל. “זי האָט דעם זון אײַנגענייט אין וועסטל
פֿינף אימפּעריאַלן און אַז ער וועט אויסטאָן
פֿרײַטאָג וועש, זאָל ער למען־השם אַרײַנלייגן
אינעם ציכל מיטן א'“, אָפּאַ, אין פּוילישע
וועלדער.
4 פֿאַלשע בריסט פֿוול וועגן ווײַבערשן
. .
טואַלעט: „ווײַבער האָבן דרײַ זעץ: אַן א', אַן
אָפּזאַץ [= הויכע קנאַפּל] און אויפֿזאַץ [←
438]“.
5. דאָס וואָס ווערט אַרײַנגעטאָן,
אַרײַנגעשאָטן, אַרײַנגעגאָסן אדגל. „דעם טשוהון...
קען מען תּיכּף נעמען אויף אויסצוגיסן, ניט
וואַרטנדיק ביז ס'וועט זיך צעשמעלצן דער
גאַנצער א'“, נ. סאַכאַרני איבז, ל. פֿרומין, וואָס
דאַרף מען וויטן וועגן... אַ וואַגראַנקע,

כאַרקאָוו 1932.

6. געלט וואָס מע גיט אין פּאָרויס בײַ אַן אָפּמאַך. „מיר האָבן געגעבן אַ גרויסן א, און מע קען ניט חרטה האָבן“. ספּעצ אײַנשטעלגעלט אין קאָן פֿון אַ שפּיל. 7. דאָס וואָס קומט אַרײַן אין אַ פֿאַסונג, אין אַ רעמל, אין אַ באַנד. דער טײַערער א'. קויפֿן אַ רעמל און בײַטן דעם א'. "צום ווערק איז צוגעקומען אַן א, פֿון אַרויסגעבער“, רייד (נ"י). 8. א"י. אינסטרומענט פֿאַר לאַנדמעסטונג און טאָפּאָגראַפֿיע. מלואה אין עבֿרית.

א'־ג ר ו פּ ע , א'־ק אָ מ אַ נ ד אָ = נאַצישער ט, פֿאַר אַן אָפּטייל וואָס האָט דורכגעפֿירט די אויסראָט־אַקציעס אין 'אָסטלאַנד'. די א'־גרופּע איז באַשטאַנען פֿון א'־קאָמאַנדאָ און זאָנדערקאָמאַנדאָ. די א'־קאָמאַנדאָ האָט אויך געהייסן א'־גרופּע A.

איינזאַציק — אדי. וואָס באַשטייט פֿון איין זאַץ. א'ע ענטפֿערס.

אײַנזאַקן — טרוו. זאַק אײַן, ~געזאַקט. אײַנשיטן, אײַנפּאַקן אין זעק. "אָבער ייִדן האָבן זיך געכאַפּט פֿאַר דעם אופֿן פֿון שנעלן אויסדרעשן די תּבֿואות, שנעל זיי אויסרייניקן, א, און פֿאַרקויפֿן“, מנשה האַלפּערן, פּאַרמעטן,

1952, ז, 124.
אײַנזאַראַזען — דזוו אויסזאַראַזען ←, 236.
איינזבַלען — [... זעוולען'... זאַוולען] טרוו.
-
זבל אײַן, ~געזבַלט. פּאָד, א״י. אײַנמיסטיקן.
א, די פֿעלדער.
אײַנזובּרעווען — טרוו. ־רעווע אײַן, ~
געזובּרעוועט. סל. אײַנחזרן. שטאַרק אײַנלערנען.
א, דעם אוראָק (לעקציע).
איינזודלען — טרוו ־דל אײַן, געזודלט.
—
.
su(le1en : d /M. זן. אײַנשמירן. אײַנבּרודיקן.
אײַנפֿאַטשקען. „און זאָל ריין מאַכן זײַן גוטע
כּלי וואָס ער האָט פֿריִער אײַנגעזודלט אין
קויט“, לט2, ו/ב. ־ער.

אײַנזויגז

איינזויגן — טרוו. זויג אײַן, ~געזויגן (אויך:
-
י.,געזויגט). פּפֿ: ~זייגן (מיט אונטערשיידן
אין בּבֿ). 1. אַרײַנציִען אַ פֿליסיקייט אָדער
אַן אַנדער מין שטאָף וואָס איז גרינג־בּאַוועגלעך

(מיט אַ פּראָצעס וואָס דערמאָנט אין זייגן).
אײַנזאַפּן, בּ▯. א, מילך פֿון דער בּרוסט מיט
די ליפּן, מיט אַן אינסטרומענט. א, אייטער.
א, שטויבּ. א, אויסגעגאָסענעם טינט מיט
מעקפּאַפּיר. „וואָס וואַסער בּאַטרעפֿט... די
וואָרצלען זויגן עס אײַן פֿון בּאָדן„, דאָס
פּפֿלאַנצענלעבּען, וואַרשע 1899. „וואָלט דאָס געוויקס...
שוין ▯ער ניט געוועזן בּיכולת אײַנצוזויגן פֿון
דער ערד די נייטיקע צעלאָזונגען„, ד. האָכבּערג
איבּז, אָטאָ שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1920,
ז, 57. 2. אײַנאָטעמען. „די יונגע קינדער זויגן
אין זיך אײַן אויף אַזאַ אופֿן אַ גאַנצן טאָג
אַ פֿאַרסמטע לופֿט„, חבֿרה מפֿיצי־ה▯כּלה,
אַ פּאָר ווערטער..., ווילנע 1914. 3. דזוו
אײַנזאַפֿן, בּ4. א, ריחות. “לאַנגזאַם א, איטלעך
געמאָלטעס בּילד„, בּעם I.
4. אַרײַננעמען אין זיך אַ געפֿיל, אַן
איבּערלעבּונג, מאַטעריאַל פֿאַר גײַסטיקער
אָנטוויקלונג. אײַנזאַפֿן, בּבּ 5־6. א, מיט דער מוטערס
(מאַמעס) מילך מענטשלעכקייט (ליבּשאַפֿט צו
ייִדן, שיינע מידות אאַזוו). „מענטשן זאָלן א,
די ליבּע צו יענע מינים [עלעמענטן פֿון
מענטשלעכן פּראָגרעס] אין דעם פֿרעמדן לשון“,

זשיט I, נ"י 1912. „דאָס איז געַרעדט פֿאַר ...

אַ דערוואַקסענעם מענטשן וואָס האָט שוין אין זיך אײַנגעזויגן דאָס ייִדישקייט", דאָס גיטויפֿטע יונגיל, לעמבערג 1884. „כאָטש מיר פֿאַרמאָגן קיין לאַנד נישט קיין אייגן, ס'האָט דאָרט מײַן שפּראַך ווי מײַן פֿעלד נישט געבליט, — כ'האָב פֿון מײַן מאַמען זי טיף אײַנגעזויגן", ב. לאַפּין, צייכנם. "בײַנאַכט שפּאַן איך אום אין תּכריכים אין ווײַסע און זויג אײַן די שרעק פֿון מײַן פֿאָלקס קאַטאַסטראָפֿע", חג, 'באַלאַדע..

5. אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אַרײַננעמען אין זיך. „די פֿעלקער האָבן אים [דעם ייִד] ניט געוואָלט א, אין זיך„, זשיט X, נ"י l919, ז, 15. "דער שווערער בינאָקל האָט... אײַנגעזויגן אין זיך דעם רוים„, י. פֿרידמאַן איבז, וול. לידין, שטילער אָדער גרוימער, מינסק 1936.

איינזויגן זיך — ← דפֿוו. א, זיך מיט די --

ליפּעלעך אין דער מוטערס ברוסט. ענלעך צו אײַנזאַפּן זיך (). אויך: אײַנעסן זיך.

אַרײַנטאָן זיך אין עפּעס. א, זיך ווי אַ פּיאַווקע און צאַפּן יענעמס בלוט. א, זיך מיט די ציין. א, זיך מיט די אויגן אין דער שיינער פֿרוי.

,,אַבֿרהם האָט מיט טויזנטער מײַלער זיך
אײַנגעזויגן אין דער אומבאַוואוסטקייט,,, ש, משה.
,,זיך אײַנגעזויגן מיט צעשראָקענע אויגן אין
בלויען פֿאַרטאָג,,, נ. לוריע, בריקן ברענען,
כאַרקאָוו 1929. ,,ווילנער ריחות האָבן זיך צו
טיף אים אײַנגעגעסן אין די ביינער,
אײַנגעזויגן זיך אינעם בלוט,,, שנ, ייִד, שרײַבער אין
סאָוו, פֿאַרבאַנד. ,,לבֿנה זויגט זיך אײַן אין
ווענט, אין ציגל,,, סוצ, פֿעסטונג. ־ונג.
־עכ ן. ־עניש.
אײַנזויגער — דער, ־ס. 1. ווער עס זויגט

1153

אײַן. ,,אַש איז דער א, פֿון אַטמאָספֿערישע
אײַנפֿלוסן,,, ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... 2.
נעאָל. אַפּאַראַט וואָס זויגט אײַן שטויב. רייניקן
די דירה מיט אַן א, ־עריי.
— .
איינזויגעריש — אַדי. נעאָל. וואָס קען

אײַנזויגן, האָט די טבֿע אײַנצוזויגן. מיט אַ
פֿײַנפֿיליקער, א'ער נשמה.
אײַנזוימען — טרוו. זוים אײַן, ~געזוימט.

1 פֿאַרענדיקן מאַכן אַ זוים. א אַ פֿאָרהאַנג.

.   ,

א, די בּרעגן. 2. אַרומנעמען מיט ליניעס. א,

אַ בילד אין אַ שוואַרץ רעמל ־ונג ־עכ ן.

.   .

־עניש.

איינזוימענונג — די, ־ען. נעאָל, א וו.

פּראָ

-

-

צעס פֿון אײַנשפּריצן זוימען.

איינזוימענטייליק — ← איינזאָמענטייליק.

איינזויערן — ← אײַנזײַערן. ספּעצ מאַכן

-

עס זאָל זיך בּאַקומען אַ ,זויערער, אײַנדרוק.

,,זי האָט אַליין אַזוי אײַנגעזויערט איר פּנימל

אַז זי קען איצט אַפֿילו קיין שמייכל ניט טאָן“.

מיט ז י ך.

איינזויסן — טרוו. זויף אײַן, ~געזויפֿט (אויך:

-

~געזויפֿן). זויפֿן אַ סך. א אַ פֿלאַש בראַנפֿן.

,

איינזומערדיק — אַדי. 1. וואָס עקסיסטירט (לעבט) נאָר איין זומער. א'ע אינזעקטן.

2. וואָס איז נאָר במשך פֿון איין זומער. אַן א, פֿאַרברענגען אויף דאַטשע.

איינזופֿן— טרוו. זופֿ איַין, ~געזופֿט. 1. זופֿן

--

אַ סך. אַרײַנזופֿן. א, צוויי טעלער באָרשט.

2. אַרײַנציִען אין זיך אַ פֿליסיקייט. „די קאָרע און די פֿעל זופֿן אײַן אין זיך וואַסער, דאַרף מען די גרוב אָפֿט דערגיסן„, וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער אויסאַרבעט, פּעטראָגראַד 1922*

אײַנזיגלען — טרוו ־גל אײַן, ◌י.,געזיגלט.

◌ —

1. אײַנשטעמפּלען. אײַנחתמענען. פֿאַרזיגלען. א, די פֿאַפּירן, די דאָקומענטן. „עשׂ איז ניט אַז דײַן גלײַכן... אין אײַן זיג[ל]ן דײַן פֿורם, דר דא איז פֿול מיט קלוגהייט„, מחזור ר״ה ויו״כ, הומבורג 1721, קעו/ב. 2. אַרײַננעמען אין אַן אַרומרינגלונג. א, די שטאָט פֿון אַלע זײַטן, ניט אַרײַן, ניט אַרויס. „אירע טריט

געמאָסטן, איר פֿיגור איז שלאַנק און ווי
אײַנגעזיגלט האָט זי מײַן געדאַנק״, אַר, 'די
געזוכטע ליבע'. מיט ז י ך — ,,אַנדערע בליקן
האָבן זיך אין מיר אײַנגעזיגלט אויף אייביק,,,
סעג, געברענטע טריט. ־ונג. ־עניש.
אײַנזידלען — טרוו. ־דל אײַן, ,..געזידלט.
דטשמ נר. אימיגרירן, אײַנוואַנדערן, באַזעצן
זיך אין אַ נײַ לאַנד, אין אַ נײַער געגנט. מיט
ז י ך — ״לאָמיר זיך אויך א, נידעריק בײַ דער
שוועל,,, ל. וואַסערמאַן, איק, פסח תשכ,,א.
־ונג.
איינזידלער — דער, (־ס). 1. זטשמ. נר.
-
אימיגראַנט, קאָלאָניסט. 2. אַרכ. ווער עס
לעבט אַליין אין אַ וויסט אָרט. [א .נזידלער]
פּוסטעלניק. טח פֿאַרטײַטשט 'כערער בערבָה,
(ירמיה, יז, 6): ,,אַז איין אײַנזידלר אין דר
וואושׂטנײַא״ [תי: ,,ווי אַ טאַמאַריסק...,,]. ,,אַן

איינזײַטיקייט

א, האָט זיך אַ יונגן בער אויפֿגעצויגן...,,,
מסדר אגרת, וואַרשע 1858. ,,זייער אַ פֿרומער
קריסט פעטער דער א',,, קמ, 1 1862, No.

איינזידן — טרוו. זיד אײַן, ...,געזאָדן, ~
גע -
זאָטן (~געזידט). אײַנקאָכן (אַזוי אַז אַ טייל
זאָל זיך אויסקאָכן). א, אַ געקעכטס. ,,לאָז זידן
ביז איין שליש אײַן גיזאָטן ווערט... לאָז
איין שליש אײַן זידן...,,, משה רופא בן
הקדוש בנימין וואָל I מק"ק מעזריטש...,
ירושת משה, ווילמערסדאָרף תל,,ז. ,,קאָך דיזוז
[אָט דאָס] יחד אין איין מאָס קוא מיליך, וואול
צו גידעקט, לאָז עז דיא העלפּט איין זידין,,,
סור II, כא/א.
אײַנזידעכץ — דאָס, ־ער (־ן). ← דפּוו.
1. אויך: דאָס שיטערע אין אַ געקעכטס. ,,
באַזונדער בריט מען אויס אַ האַלבע קילאָ
ברוקסעלקעס אין וואַסער מיט זאַלץ און מע גיט
צו צום א אַ לעפּל האָניק", ב. שאַפּראַן, ייִדישע
,
קוך, וואַרשע 1930. 2. געדושעכץ, פּד.
אײַנקאָך.
איינזיווגדיקייט — [... זיווג...] די (דאָס),
־ן. נעאָל. מאָנאָגאַמיע. ,,'גאַמאָס, הייסט אין
גריכיש ניט 'פּרוי, און ניט 'ווײַב', נאָר 'זיווג,.
מאָנאָגאַמיע איז בכן ווערטלעך טײַטש ,א"",

זק, ייִפֿאַ, 8 ,1938.
איינזייגן — טרוו זייג אײַן, ~געזויגן. דזוו
-

אײַנזויגן (). ספעצ אַרײַננעמען אין זיך.
א, אין זיך. א, אין זיך שׂנאה צו ייִדן פֿון דער
מאַמעס ברוסט און פֿון גלחס 'ברוסט'. א, אין
זיך אַ שפּראַך. א, אין זיך יענעמס בליק. אויך:
אײַנרואיקן, אײַנשטילן דורך אָנזייגן. א, דאָס
קינד (ביז עס פֿאַרמאַכט די אייגעלעך און
שלאָפֿט אײַן) און עס אַרײַנלייגן אין וויגל.
איינזײַטיק — אַדי. 1. וואָס איז פֿון איין זײַט,
פֿון איין צד. א'ע ווינקלען. א'ע ליבע. א'ע שאַרף,
אויך א'ער מעסער. 2. וואָס ווערט באַטראַכט
(געשאַצט) פֿון איין געוויסן שטאַנדפּונקט. א'ע
אויסבילדונג. א, איבערגעקרימטער לעבן
שטייגער. "דערבײַ איז דער נאַצישער פֿיזישער
אויסזע ניט געשאַצט געוואָרן א',,, מוו, היטלערם
פּראָפֿעסאָרן ז, 146. 3. וואָס האַלט מיט (
פֿאַרטיידיקט) איין צד. פּאַרטייאיש. א'ע טענות. א'ער
ריכטער. א'ע שטעלונג, דערקלערונג. ,,יעדע
פּאַרטייע פֿון אײַך איז צו פֿיל א'", אמד, זיבען
דינסט מיידכען, ווילנע 1873. ,,דער פֿאָרמאַליזם
איז געקומען צו רעוואָלוציאָניזירן... דיכטונג...
און קריטיק. דערפֿאַר איז ער אַזוי עקסטרעם

און א'„ שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.
4. וואָס איז געווענדט אין איין זײַט. "תּלמיד
הנפֿטר מרבו — אַז דער תּלמיד נעמט רשות פֿון
זײַן רבין... זאָל ער זיך ניט תּיכּף
איבערקערן מיט דעם פּנים און גיין צו דער טיר,
נאָר ער זאָל פֿון אים א אַוועקגיין", א. י.

,

שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבערג תּרס„ט.
איינזײַטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,

-

מצבֿ, פּרט־פֿאַל פֿון זײַן איינזײַטיק פֿרײַ פֿון

.

א„. לײַדן פֿון א'. אַרײַנפֿאַלן אין אַן א'. "די
ייִדישע און די העברעאישע ליטעראַטור האָבן
זיך אַ געוויסע א'„ ימ, פֿון צײַט צו צײַט.

איינזייטלדיק

--

קאָוונע 1927. „ווי אַזוי האָט אַ קינסטלער מיט
אַ שאַרפֿן... בליק... זיך געקאָנט לאַזן
פֿאַרפֿירן פֿון אַזעלכע א'ן", שנ, קריטיק און
קריטיקער.
איינזייטלדיק — אַדי. וואָס האָט (איז מיט)

-

איין זײַט. „א'ע לוחו', ייִבל XXI, 202.
איינזיימען — ← אײַנזוימען.
-

איינזיין — דאָס. מצ נבֿ. נעאָל אווו. דזוו
-

איינזײַנקייט.
איינזיין — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~געווע(ז)ן.
-

פֿאַרבלײַבן (אײַנהאַלטן זיך) אויף אַן אָרט אַ לענגערע צײַט. געוויינלעך מיט נ י ט ק ע - נ ע ן. ניט קענען א, אין שטובֿ איבער די גוואַלדן. „איבער איר קען זי אויף אַן אָרט ניט א',„ ממוס פּישקע. „מיט איר מויל, וואָס איז

,

פֿול שוועבל און פֿעך, בײַ איר וועט אַן איידעם א'!“, י. בודזאָהן, דער מקח טעות, ווילנע 1890. “נישט קיין מיאוסע, קאָן [זי] אָבער נישט א, אויף אַן אָרט“, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922.
איינזיינקייט — די (דאָס), ־ן. נעאָל.

איינ

-

זאַמקייט. „און גאָר מײַן א, פֿאַרנעמט ניט ער, ניט דו, און אפֿשר קיינער“, סוצ, וואַלדיקס, 1940.

אײַנזייען — טרוו. זיי אײַן, ~געזייט.
1. פֿאַרזייען. א, ווייץ. „אַז מע זייט ניט אײַן, וואַקסט ניט אויס“, שוו. „טושטוש ניט, היישטו גלײַך וויא איין בן־אָדם דער תּבֿואה אײַן זיהט און שנײַאט זיא ניט“, עיון, מו/ב. 2. זייען מיט באַזונדערער אָנשטרענגונג און אָפּגעהיטנקייט. א, געוויקסן פֿון איין קלימאַט אין אַן אַנדערן. א, דרומדיקע געוויקסן אויפֿן צפֿון.
3. פֿיג. אײַנוואָרצלען, אײַנפֿלאַנצן. א, (קערנדלעך פֿון) שׂנאה. „די באַלוינונג פֿון א, צדקה איז די מידה פֿון אמת“, תּניא, 218.

אײַנזיי. —אונג. ־עכ ן. ־עניש.

אײַנזײַען — טרוו. זײַ אײַן, י.„געזײַט. אויך:
„..געזײַעט. 1. אַרײַנגיסן דורך אַ זײַער, זיפּל. א, מילך פֿון מעלקשעפֿל אין קרוג. 2. אַרײַנגיסן בכלל, פּאַמעלעך, זאָרגעוודיק. א, ווײַן אין די שמאָלע גלעזער. ־עכץ.

אײַנזײַערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געזײַערט.
1. צוגרייטן אויף אַ באַשטימטן אופֿן און

אַרײַנגעבּן זײַערס און געווירצן, עס זאָל
באַקומען אַ זויערן טעם און מע זאָל עס קענען
האַלטן אַ לענגערע צײַט. א, קרויט. „אַזו איז
אַך דר (דין) בּײַא זו אַר קרויט... דאשׂ זיהט
י

מן פֿון דעסט וועגין מן זאָל עז איין זײַארן,
אַזו וועט מן עסט זויאַר קרויט רואי [= רויע]
אודר גיקאָכט זונדר בּרוט, מאַכט מן דיא (בּרכה
בּורא פּרי האדמה)", עפּש, סידור תּ▯ילות,
אַמשט תּק„ח, קע/ב. „אבּר רועי [רויע]
אוגערקישׂ וואשׂ מען פֿר זעהט דשׂ נאָר פֿון איין
זײַרן וועגן מאַכט מען רוער הייט שהכּל",
ס▯ר שלחן ערוך ח"בּ [זשאָלקעוו? אָנהייבּ 19.
י"ה], ו/א. „מע קאָכט פֿיש, מע זײַערט איין
בּאָרשטש, מע בּאַקט אַלערליי שטרודל", בּאַש,
גימפּל תּם. ▯אים דאַרף מען ניט (פֿאַרשפּאַרט
מען) איינ(צו)זײַערן = ער איז בּמילא אַ

ערער, אַן אומצופֿרידענער, אַן אָנגעבּלאָזענער.
2. אַוועקשטעלן עס זאָל פֿון זיך ווערן זויער.
א, מילך אין אַ לאַדישקע. „אַזאַ מציאה דאַרף

מען א'" פֿוול. 3. צוזאַלצן און צוגעבן אַ

,

ביסל זײַערס. א, סאַלאַט. 4. אַרײַנפֿירן,
נאַראַיען אַ שלעכט געשעפֿט. א, דאָס איידעמל
וואָס איז אַראָפּ פֿון קעסט. 5. (שפּאַסיק)
באַהאַלטן, אַוועקלייגן אויף שפּעטער, אויף אַן
אַנדער געלעגנהייט. „פֿאַרוואָס לײַסטו מיר ניט די
ביכער? ווילסט זיי א'?". מיט ז י ך. ־ונג.
־ניש.
איינזייערס — דאָס, ־ן. פּד. יעדער מין
אײַנ־־ ־
געזײַערטע שפּײַז אָדער מיט אַ זויערן טעם.
"זומער קומט מען אָפּ מיט אַ ביסל א'".

איינזייסן — טרוו. זייף אײַן, י.„געזייפֿט.
־
1. אײַנרײַבן מיט זייף. א, די באָרד פֿאַרן גאָלן.
א, וועש און לאָזן אין באַלייע אויף אַ גאַנצער
נאַכט. א, טשוועקעס זיי זאָלן בעסער אַרײַן
אין די זוילן. א, די דראַטווע. א, די פֿאַקנאָדל.
א, עמעצן אַ מ אָ ר ד ע = אים שטאַרק

אויסזידלען. ׳א, דעם מ ו ח = איַינרעדן,
איבערערעדן. 2. איַינשמירן, פֿאַרשמירן מיט (אין)
זייף. „טו אויס דאָס העמד, וועסט עס א, ביַים
גאָלן זיך“.
3. אַריַינציִען אין אַ שווינדלעריש געשעפֿט.
סאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַן ענין, אַ מסחר.
-

אַריַיננאַרן עמעצן (דורך ליגנס פֿאַלשע
הבֿ,
טחות, דריידלעך) צו טאָן עפּעס וואָס איז ניט
געוואונטשן. [“גענומען איז דאָס בילד פֿון די
פֿריזירערס. ווען עס קומט אַ גרויסער עולם
זיך ראַזירן, און ער האָט מורא אַז די
אומגעדולדיקע... וועלן אַוועק צו אַ צווייטן,
זעצט ער קודם אַלע אַוועק און זייפֿט זיי איַין,
— יענע מוזן שוין נעבעך זיצן און וואַרטן
ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה„, יע,
וואונדער־אוצר..., וואַרשע תּר„פּ.] עמעצן גוט
א, = לאָזן אים ווי אַ נאַר אין מיטן אַן אַרבעט,
אַן ענין. 4. בכלל אָנהייבן אַן אַרבעט, מסחר
אדגל. א אַ געשעפֿט.

,
5. געבן כאַבאַר, שוחד. א, דעם פּריסטאַוו.

6. באַשטימען אויף אַ שווערער און שלעכטער
אַרבעט (אין געטאָ שאַוול און פּאָנעוועזש),
בלומ פלח, No 2.

,

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
איינזיכט — די, ־ן. דטשמ. איינזען. באַנעם,
--
אַרײַנבליק. לויט זײַן א, וועט עס ברענגען
רווח. „און, ווער דיא איין זיכט ניט האָט דשׂ
גאָט דעם מענשין אנדר גוטץ פּר געלטין קען
אַלשׂ עסין און, קליידונג איזט איין רעכטר
נאַר„, ספּר מ חר הפּנינים, הומבורג תּצ״ט,
לט/ב. ״זיך אַליין מעגן אַ רעגלאַמענט מאַכן,
נאָך זייער א'„, ארז, קמ, 32 1865, No. א'־
ש ט אַ ר ק — קענטיק־שטאַרק. „דערצו פאַרמאָגט
מוקדוני צו פּיל א'ס־שטאַרקן הומאָר, אַז ער
זאָל ניט אײַנזען דעם קאָמיזם״, יובֿל־זבֿ לכּבֿוד
דר, א. מוקדוני —יק — אַדי.
איינזיכערן — טרוו ־ער אײַן, ~געזיכערט.
—
.
1. מאַכן עס זאָל זײַן זיכער פֿאַרזיכערן. א,
.
דעם כּתבֿ־יד אין אַ פֿײַערקאַסע. 2. אָננעמען

אײַנזינקען

מיטלען עס זאָל זיכער זײַן פּונקט ווי מע וויל.
א, די צעטיילונג פֿון דער ירושה דורך אַ
פּינקטלעכער צוואָה. מיט ז י ך — זיך
אַסעקורירן, אַרויסנעמען אַ פֿאַרזיכערונג. א, זיך
קעגן פֿײַער, גנבֿות ־ונג.
.
איינזילבּ — די?, ־ן. איינטראַף. אַ וואָרט וואָס
פֿאַרמאָגט נאָר איין טראַף ־יק — אַדי. אַן
-
.
א'ע שפּראַך מיט ווערטער אָן ענדונגען. „זי
רעדט א'ע ווערטער, קוים וואָס מע פֿאַרשטייט
זי", קמ, No. ,1866 26 „א'ע טענער פֿון פֿייגל
און חיות האָבן נאָך בּולטער געמאַכט די
שטילקייט", אָפּאַ, 'לינטשערײַ'. ־יקייט — אויך:
קורצקייט, אָפּגעהאַקטקייט פֿון רעדן. „די א,
פֿון מײַן פֿרײַנד איז אים בּאַלד אויפֿגעפֿאַלן",
רעד, גרשם בּאַדער, יודישער פֿאָלקס קאַלענדאַר,
לעמבּערג תּרע„א.
איינזילבּערן — טרוו ־ער אײַן, ~
געזיל—
.
בּערט. טיילווײַז, גאָר דין איבּערציִען מיט
זילבּער. א, די לײַכטער. "דער שניי שיט פֿון קאַיאָר

און זילבערט אײַן די גאַסן“, מאַן, ליד און באַלאַדע. ־ונג.
אײַנזינגען — טרוו. זינג אײַן, ~געזונגען.
1. גוט אײַנלערנען, אײַנשטודירן צו זינגען.
א אַ נײַעם ניגון. „הייבט אָן אײַנצוזינגען מיטן
,

כאָר אַ צווייטן ניגון“, זלמן שזר, טמז,
7 5 19 I. “ווען ר, פנחס פֿלעגט א, מיט זײַנע
משוררים פֿלעגט חוה־רייזל מיטזינגען מיט
,
זיי„, א. שיינפֿעלד, אַמעריקאַנער, 25 1959 XII.
„א, מיט די מענטשן פֿון קאָמאַנדע, [אַז] אויפֿן
וועג צום לאַגער זאָל זײַן אַ מאַרש“, י קאַפּלאַן,
שליאַך און אומוועג.
2 פֿאַרוואַנדלען אין געזאַנג. “מיר זינגען
.
די געפֿאַרן אָלע אײַן„, אַל 3 .I. אײַנשלעפֿערן,
פֿאַרשלעפֿערן (אויך מיט פֿאַלשע רייד, צוזאָגן).
א, אָס קינד צום שלאָפֿן. „איר שלאָפֿט, און
זיי [די רײַכע] זינגען אײַך אײַן, זיי זאָגן אײַך
צו הרים וגבֿעות אויף נאָכן טויט“, ווינטש,
דאָס נײַע לעבען, נ„י, אָקט, 1910. אויך מיט
ז י ך — א, זיך אין אַ ליד (מעלאָדיע, ניגון אע).

אײנזינג ־ונג ־עכ□ן ־עניש ־ער —

— . . □ .

ספּעצ דער אין אַ קאָמאַנדע װאָס זינגט דער ערשטער און די איבּעריקע האַלטן נאָך. „אין ראָטע בּין איך געװען דער א'„.
אײנזינדיקן — ־דיק אײַן, ~געזינדיקט.

□

--

אוטװו — שטאַרק זינדיקן. זיך פֿאַרזינדיקן. א, קעגן מלכות. טרוו — נעאָל. אײַנזײיען, אײַנפֿלאַנצן זינד. "נאָענטע און װײַטע קאָנטינענטן װאָס האָבּן אין מיר אײַנגעצײכנט, אײַנגעװאָרצלט, אײַנגעזינדיקט ליבּשאַפֿט„, א. שומיאַטשער, טמז, 18 XI 1962. מיט ז י ך.
אײַנזינקען — אוטװו. זינק אײַן, ה אָ בּ & בּ י ן

- □

□, געזונקען. (אָפֿטער אין פּאַס). 1. אַראָפּלאָזן זיך מיט דער גאַנצער שװערקײט (צום דעק, דנאָ). א, אין ים. א, אין אַ תּהום. א, אין דרערד פֿאַר חרפּה. „האָט זיא אַן גיבּונדין מיט אײַזרני קיטן אונ, די שלשלאות זײַנן אײַן גיזונקין אין

דען תּהום רבּה,,, נצ 1, יד/א. “זיי זײַנען
אײַנגעזונקען געוואָרן אין די טי□עניש פֿון זײַנע
ימים“, חה, ב, רע. „לייגט זיך די כוואַליע ווי

אײַנזינקען
--

זי וואָלט מיטאַמאָל אײַנגעזונקען געוואָרן,,, פּרץ,
נסים אויפֿן ים'. „די תּיפֿלה זינקט יעדן טאָג,
אײַן אויף אַ האָר אין דער ערד אַרײַן“, אָפּאַ,
אין פּוילישע וועלדער. „וואָס זאָל איך אײַך
דאָ אַ סך בּרײַען? איך האָב געמיינט, איך ווער
שיִער אײַנגעזונקען“, עט, סערקעלע. א',
אײַנגעזונקען ווערן ווי ק(ו)רח (ועדתו). „מע ווייס
ניט וואו מע ווערט אײַנגעזונקען“ פֿוול. □.

אײַנגעזונקען. קללה: א, (אײַנגעזונקען ווערן)
זאָלסטו אין דרערד! א, זאָלסטו טיף אין דער
אַדמה (צוזאַמען מיט אַלע שׂונאי־ישׂראל).
גלייבּעניש: אַז מע וואַרפֿט אַריבּער איבּער אַ
קלויסטער אַ לײַבּצודעקל (לײַבּסערדאַקל) מיט
אַ נאָדל, הייבּט דער קלויסטער אָן בּיסלעכווײַז
אײַנצוזינקען.
2. אַראָפּנידערן אין עפּעס וואָס קען

אַרײַננעמען אין זיך (און ניט קענען אַרויס). א, אין בלאָטע, זאַמד, ליים. א, אין שטויב. *א, אין בלאָטע (שמוץ אע) = א) זיך האַלטן זייער אומריין; ב) אַ לענגערע צײַט פֿירן אַן אויסגעלאַסן לעבן. „דאָס פֿערד און וועגעלע איז אַרײַן אין אַ... טינטערל... און ווען דער אייבערשטער זאָל ניט צושיקן אַ פּויערל צו הילף, וואָלטן זיי אַלע אײַנגעזונקען געוואָרן דאָרטן", ממוס, 'שכּת'. „דער קעמל... געפֿינט זיך בײַ אים אונטער די קאָפּיטעס אַן אָנגעוואַקסענע הויט, ווי ווייכע קישעלעך, וואָס לאָזן ניט זײַנע פֿיס א, אין זאַמד„, אמד, דיא

וויסטענ א זאַהאַראַ, ווילנע 1868. „די פֿינגער דײַנע זינקען אײַן אין דיקן שטויב וואָס דעקט צו דאָס געביין פֿון ליכטיקע פּאָעטן", הל, בלאַט... עפּלבויס.

3. אַרײַנדרינגען (דורכברעכן און פֿאַרבלײַבן אינעווייניק). „און, ער שלײַדירט און, ער שלוג דעם פֿלשתּי אויף זײַן שטערן, און, עשׂ וואַר אײַן גיזונקין [תּי: „אַרײַנגעזונקען„] דער שטיין אין זײַן שטערן„, סהמ, שמואל א, יז, 49.

4. אַלן אין מעמד און דערגיין צו אָ זייער

נידעריקער עקאָנאָמישער אָדער מאָראַלישער
מדרגה. א, אין דלות, אין חובֿות. א, אין
עבֿירות, אין מעשׂים־רעים. „דער מענטש ווייס
גאָרניט ווי און וואו ער ווערט אײַנגעזונקען„,
שוו. „און אײַנגעזונקען געוואָרן טיף ביז דעם
האַלדז אין דלות“, ממוס, קליאַטשע. “
איבערענטפֿערן זיך צו די הנאָות פֿון דעם עולם און
א, אין אַזעלכע גלוסטקייט וואָס בהמות האָבן
אויך“, חה, קצד.

5 פֿיג פֿאַרטיפֿן זיך און אַזוי ווי
פֿאַר. .

שלונגען ווערן. א, אין מחשבֿות. א, אין
שווערע געפֿילן. א, אין מרה־שחורה. „(
להצליל) צו איין זינקן אין... מוטוויליגונג„,
מחזור ר„ה ויו„כּ, הומבורג 1721. „דאָ זינקט
פענעק אײַן אין אַ ים מחשבֿות און געפֿילן„,
בערג, בײַם דניעפּער I. אויך: א, אין אַ שווערן
שלאָף. „שטייענדיק מיט געבראָכענע קני, האָט
דער אַלטער... ווי אין אַ דרעמל
אײַנגעזונקען“, י. א. לייזעראָוויטש, דער זינדיקער,
פעטראָגראַד 1919.

6 פֿאַרשווינדן, ניט ווערן. „וואו איז דער
.
האַמער? ער איז מיר פּלוצעם אײַנגעזונקען

געוואָרן". „אַזוי שטיל,... די גאַנצע קאָכעדיקע
וועלט אַרום און אַרום איז מיטאַמאָל
איַינגעזונקען געוואָרן", ייִז, 'אַלט־שטאָט'.
7. טרוו. מאַכן עס זאָל אונטערגיין.
טאָרפּעדירן און א, אַ שיף. „דער שטורעם וויל דאָס
רעגירונגס־שיף צום א, בּרענגען", ווינטש, דאַס
נײַע לעבּען, אָקט, 1910.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש — קללה: אַן א,
זאָל קומען אויף דיר! „און איז בּדלות
געוואָרן... וואַר איין א'", אמד, ד רי יושר,
ווילנע 1863. „אַן א, אין קאַטאַסטראָפאַלער
ירידה", הל, טאָג, 26 IX 1948. „וואו בּיסטו
געווען? עפּעס אַן א, איז געקומען אויף דיר„,
רייד (פֿון אַ מוטער צו אַ קינד וואָס האָט זיך
געזוימט אין אַ שליחות). —ער. ־ערײַ.
איינזיסן— טרוו. זיס איַין, ~געזיסט. 1
פֿאַר— .
זיסן, מאַכן זיס(ער). א, זויערע יאַג(ע)דעס.
„און אין דעם בּאַשטייט דער כּישוף פֿון א,
דעם געשמאַק אין מויל„, וו. יונין, טמז, 1964
2 .8 XI פֿיג. מאַכן עס זאָל זײַן פֿרײַנדלעך.

.

א, די רייד מיט אַ קאָמפּלימענט.

איינזיפּן — טרוו. זיפּ אײַן, ,געזיפּט. (דורכ-

-

זיפּן און דערבײַ אַרײַנשיטן. א, מעל אין

באַקדייזשעס. מיט ז י ך — אָנווערן פּאַרלאָרן ניין

,

בײַם זיפּן. ,,אַ פּאָר פֿונט זיפּט זיך אײַן,,.

איינזיפּ — דער. דאָס וואָס עס זיפּט זיך

-

אײַן.

-

איינזיסצן זיך — אוטוו. זיפֿץ זיך אײַן, זיך

-

--

~געזיפֿצט. אײַנגעוואוינען זיך צו זיפֿצן. ,,אַ

ייִדישע טבֿע — א, זיך פֿון נחת".

איין זיץ — קומט מיט פרעפּ א ו י ף & מ י ט.

(ווען עפּעס וואָס מע טוט זיצנדיק) מיט איין

מאָל (שאָס). מיט א, ז, אָנשרייַבן אַ לאַנגן

אַרטיקל. ״דער בּחור פֿלעגט אַרײַנשיבּן אויף
א, ז אַ גאַנץ זײַטל קעלבּערן פֿלייש,,, אָפּאַ,
,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנ .
אײַנזיציק — אַדי. וועך עס זיצט אײַן (לעבּט,
וואוינט) אויפֿן זעלבּיקן אָרט אַ לענגערע צײַט.
אַ שטעטל מיט אַן א'ער בּאַפֿעלקערונג. סובּ:
א'ע(ר). ־יקייט.
אײַנזיצן — אוטוו. זיך אײַן, ה אָ בּ & בּ י ן
-
~געזעסן (...,געזיצן, פּד). 1. זיצן אַ צײַט
אויף איין אָרט. ,,זיך אײַן!,, (צו אַ קינד וואָס
איז אומרואיק). ,,לעבּן אים איז ניט אײַנצוזיצן,
דאָ הוסט ער, דאָ גרעפּצט ער״, אמד, דיא
שטיפֿמוטער, וואַרשע 1864. ,,הייס מיר שוין
טאַקע גיין שלאָפֿן. איך זיך קוים אײַן,,, בּ.
שאַפּיר, א רהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.
2. געפֿינען זיך בּאַשטענדיק אויף אַ
בּאַשטימטן אָרט (וועגן אַ דומם). ,,דעם פֿעטער
שִיעס שאַרוואַל איז קיינמאָל ניט אײַנגעזעסן
זיכער אויף זײַן בּויך״, איק, ר,,ה תּשט״ו. ,,דער
קראַוואַט מײַנער האָט נישט געוואָלט א, אין
קראַגן,,, בּאַש, פּאָר, 27 1964 XII.

3. וואוינען אַ לענגערע צײַט אויף איין אָרט. א, בײַם שווערס טיש = עסן קעסט. „און דאָס איז ווירקלעך איינע זעלטנהייט דאָס איין אָרעם־בחור זאָל קענען א, בײַ אַ שווערס טיש

אײַנזע

אַזוי פֿיל יאָרן“, אמד, עוזר צינקננס און די ציג, ווילנע 1868.

4. בלײַבן שטענדיק אויף איין אָרט. „בעסער אײַנצוזיצן אין אַ סטעפּ, אין אַ פּוסטינע איידער אַ בייז ווײַב און שבֿרי־לבֿ צו לײַדן„, מס, משלי תּקע“ד, כא, 19.

5. מיט נ י ט (קענען). זײַן אומגעדולדיק. „איך האָב שוין ניט קיין כּוח בײַ דער אַרבעט אײַנצוזיצן, און פֿאַר מײַן מאַמען זאָג איך דאָס ניט אויס, אוי ניט אויס!“ פֿל פֿאַר צרות

„ · ,

האָב איך ניט געקענט א, אויף דער סטאַנציע און האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער שטאָט“, ממוס, קליאַטשע. 6. מיט נ י ט (קענען). זײַן אויפֿגעבראַכט איבער אַן עוולה, אַן אומרעכט, אַ חוצפּה אע. „עס האָט אים עפּעס אונטערגעטראָגן פֿונעם בענקל, ניט געקענט מער א, אויף

זײַן אָרט" ממוס, ווינטשפּ.

7. זיך אַרײַנזעצן. פּד. א, אין אַ פּולער בויד, אין קאָטש, אין טראַמוויַ אע. „וואָס שטייט עץ, זיצט אײַן!"„ רייד (בעל־עגלה צום פּאַרשוין). „נישט מער, אויף שבת און יום־טובֿ וועט ער א, אין אַ וואָלקן און אַוועקפֿליִען קיין ירושלים", באַש, גימפּל תּס.

־עכ ן. ־עניש.

איינזיצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער ־

עס זיצט אויף איין אָרט. אײַנוואוינער, תּושבֿ. „זי איז ניט קיין א'קע, זי איז אַן אַרומלויפֿערקע"„. מהמ פּאַרטײַטשט ,יושבֿי יעבץ, (דבֿריהימים א, ב, 55): "די אין זיצר"„. „עשׂ גישאַך אַלשׂ פּרעה קניגט איבּר מצרים, דר היבּט זײַן הערץ איבּר אַלי אין זיצר זײַנשׂ לאַנד", בית יסtראל, אַמשט 1723, ה/ד. „אַלי דיא אײַן זיצירשׂ פֿון ירושלים דיא וועלן אויך דינן צו דיר", יוסיפֿון, אַמשט 1743, קעב/ב.

איינזכותיק — [... סכוס...] אַדי. 1. וואָס איז פֿון איין (גלײַכן) זכות. א'ע מחותּנים.

2. וואָס האָט נאָר איין זכות. „ער איז אַן א'ער. ער איז מקיים די מצווה פֿון אַרויסוואַרפֿן שיכּורים פֿון שענק".

איינזכותעווען — טרוו ־תעווע איַין, ~

גע

▯

—

.

זכותעוועט. (אַרײַנבּרענגען, אַרײַנפֿירן און דערבּײַ) אַרויסהייבּן עמעצנס זכות(ים). א, אַ ישיבֿה־מאַן אַז ער איז אַן עילוי. „מע האָט אים אײַנגעזכותעוועט פֿאַר אונדז אַז ער איז אַ יתום און אַ בּן־טובֿים“.

איינזכרדיק — [... זאָכער...] אַדי. 1. וואָס האָט נאָר איין זכר. „זיצן זיבּן מוידן אין אַן א'ער מסיבּה און יעדע איינע וויל איבּערשטײַגן ד אַנדערע“. 2. וואָס האָט צו טאָן נאָר מיט
י

איין זכר. „יאָ, יאָ, א, ווי אַ צויג„..

איינזמניק — [... זמאַנ...] אַדי. וואָס איז נאָר בּמשך פֿון איין זמן. אַן א'ער קורס.

איינזמרדיק — [... זעמער...] אַדי. וואָס האָט נאָר איין געזאַנג. אַן א'ער שלש־סעודות.

איינזע — דער, ־ען. אַקט פֿון אײַנזען.

אײַנ
-
--
זעניש. פֿאַרשטענדעניש. דערקענטעניש. "דער
קלאָרער א', אַז װען מע נעמט אַראָע דעם ק▯I,

אײנזעגלדיק

פֿאַרשװינדט דער קאָפּװײטיק", זשיט, טמז,
1953 ▯י 6. ־אונג.
אײנזעגלדיק
— אַדי. װאָס האָט נאָר אײן
זעגל. אַן א, שיפֿל.
אײנזעגן — טרוו. זעג אײַן, ~געזעגט. 1.
זע־.
גן אַ ביסל און ניט איבערזעגן. מאַכן אַ שניט
מיט אַ זעג. א אַ בױם. א אַ לײַסטל און

▯
,
איבערברעכן עס. קללה: זאָל מען דיר א, די
ביינער און אַרויסװאַרפֿן אויפֿן מיסטקאַסטן.
2. אײַנטענהן. זיך מיִען צו פּועלן מיט רייד.
,,װעסט דעם אַכזר ניט א'". מיט ז י ך —
,,דער חסר־דעה זאָל זיך אין אים ניט א', ער

זאָל אים געבן אַ פֿינפֿערל“, חג, טמז, 13 1967 X.
איינזעגנען — טרוו. זעגן אײַן, ~געזעגנ(ע)ט.
--
דײַטש. נר. אײַנבענטשן. „דער פּרעדיקער האָט
געזאָגט אַ תּפֿילה אויף דײַטש, האָט
אײַנגעזעגנט דאָס שפּיטאָל“, קמ 39 1865, No.
איינזעטן — טרוו. זעט אײַן, ~געזעט.

אָנזעטיקן. מע קען ניט א, אַ הונגעריקן מיט
אַ ביסן ברויט. “ער זעט אײַן איטליכן נאָך
זײַנם ווילן„, בראַנט, מ'.
איינזעלנערן — טרוו ־ער אײַן, ...„געזעלנערט.
—
.
נעאָל. אַרײַננעמען, אַרײַנציִען אין אַן אַרמיי
פֿאַר א זעלנער. א אַלע צוואַנציק־יאָריקע.
,

- -

־ונג, א וו.
אײַנזען — דער & דאָס. מצ נב. ← דוווו.
אײַנזע, אײַנזעניש. טאָן עפּעס אָ ן א'. טאָן
עפּעס ל ו י ט ן אייגענעם א,. *ה אָ ב ן א,
מ י ט עמעצן = זיך רעכענען מיט אים,

נעמען אין באַטראַכט זײַנע אינטערעסן, זײַן געמיט
אע. „אויס א, מיט דער מוטער האָט מען...,,,,
אַש, משה פֿאַרוואָס האָט ער ניט קיין א, מיט
. ,,
זײַן אייגן ווײַב?“, חג, אַטלאַס I.
אײַנזען — טרוו. זע אײַן, זעען אײַן; ~געזען
(אויך: ~געזעען). 1. דערזען גוט, ריכטיק,
פּינקטלעך. א, אַ נאָדל אין אַ סטויג היי. „גוט
[= גאָט] האָט בּישפֿן דען עולם דורך דער
תּורה, דז ער האָט דרײַן אײַן גיזעהן וויא ער
דיא וועלט זאָל בּישפֿן דורך אירי אותיות אונ,
צירופֿים אונ, שמות הקדושים,,, סהמ, איובֿ, כח,
23. “קאָן נאָר אַ בּלינדער ניט א, אַז די
אַסימילאַציע האָט דעם אַנטיסעמיטיזם
פֿאַר...
שטאַרקט“, זשיט III , נ,,י 1919.
2. בּאַמערקן. א אַ בּראָדעווקע בײַ יענעם
,
און ניט דערזען דעם אייגענעם הויקער. “בּלאָזן
פֿון זיך, דרייען זיך... משונה־ווילד אויס,
מיינענדיק אַז מע וועט ניט א, זייער ייִדישן
נאָז“, א. ל. זײַדמאַן, וואָס דאַרפֿן מיר,
בּאַרדיטשעוו 1898.
3. זיך אַרומזען. קומען צו אַן אויספֿיר אויפֿן

סמך פֿון לעבנס־פּראַקטיק. א אַז עס איז געווען

,

אַ טעות (גמור). א, די אייגענע חסרונות. א,
אַז יענער איז אַ פֿײַנער (שלעכטער) מענטש.
א אַז מע לייגט זיך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין

,

אַ קראַנק בעט אַרײַן. "כ'האָב שפּעטער ערשט
אײַנגעזען וואָס פֿאַר אַ נאַר (חכם) איך בין
יעמאָלט געווען". „איך זע אײַן, אַז דיר איז
צו גלייבן ווי דעם הונט אויף דער גאַס!„, פֿל.

1156

„איך זעלבסט אײַן גזעהן האב דז איך ניט פֿר
דיהנט האב די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון רעבטפֿערטיקע
מענטשן", מע ה עמינדב, פֿפֿדמ תקנ„א. „ווען
ער האָט אָנגעהויבן דעם פֿעלער אײַנצוזען, איז
שוין געווען צו שפּעט", דאָס גיטויפֿטע יונגיל,
לעמבערג 1884. „אַז איך האָב מײַנע בהמות
דערקענט בעסער, האָב איך אײַנגעזען אַז זיי
זענען ווי מענטשן לייש און בלוט„, ממוס,
ספֿר הבהמות. „[ער] האָט ענדלעך אײַנגעזען

אַז צו פֿלאַקס מוז מען האָבן אַ סך כּוחות...
אייגן געלט", אַר, ,פֿלאַקס'.

4. דערפֿילן, דערשפּירן און פֿאַרשטיין. א,
די סכּנה וואָס שטעקט אין דעם. א, אַז מע
שטייט פֿאַר אַ נסיון. „איך האָב געוואוסט אַז
איר וועט דאָרט נישט מאריך ימים זײַן, אָבער...
איך האָב געוואָלט אַז איר אַליין זאָלט עס א'„,
מוק, מײַנע באַגעגענישן I. „האָט ערשט איצט
אײַנגעזען אַז גרויס עשירות... איז אויך
נישט מציל פֿון דעם טויט", עט, משלים. „אַז
וואויל טאַטע־מאַמע וואָס זעען דאָס אײַן„, הירש
רײַטמאַן, דער קיטט▯נל, ווין 1863. „איך האָב
טאַקע באַלד אויפֿן אָרט אײַנגעזעען אַז זי וויל
מיר אויך קיין בעל־חובֿ ניט בלײַבן„, בּ.
בעקערמאַן, דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895.
„ערשט איצט האָט ער אײַנגעזען, אַז ער האָט
זיך געשפּילט מיט פֿײַער„, אַש, תּהילים־ייִד.

5. קומען צו אַ לאָגישן אויספֿיר, צו אַ
שטאַנדפּונקט, אַ טעאָריע. א, מיטן גראָדן שׂכל.
א, די וויכטיקייט פֿון ייִדיש. "זי האָט שוין
לאַנג מיט איר פּשוטן ווײַבערשן שׂכל אײַנגעזען
אַז...", בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער.
„האָב איך אײַנגעזען אַז כאָטש זיי זײַנען
פֿאַרשידענע בּרואים... בּרענגען זיי דעם

כללישׂראל אַלצאיינע צרות,,, ממוס, 'בּישיבָה של מטה'. "דער מענטש האָט אײַנגעזען אַז ניט אַלע פֿאַרבּרעכן און עוולות... קאָנען באַשטראָפֿט ווערן פֿון אַ מענטשלעכער האַנט", זשיט III, נ"י 1912. ,,... לײַכט אײַנצוזען וואָס פֿאַר אַ נאַטירלעכער רינג אָט דאָס ווערק איז אין דער קייט פֿון זײַן שאַפֿן,,, שנ, שלום אַש.

,,איך האָבּ אײַנגעזען אַז די מעלה פֿון חכמה איבּער נאַרישקייט איז ווי די מעלה פֿון ליכטיקייט איבּער פֿינצטערניש", תּי, קהלת, ב, 13.

6. מעיין זײַן. פֿאַרטיפֿן זיך. ,,און, מן נימט אַל צײַט דאשׂ בּוך פֿויר זיך און, זיכט איין און, בּזינט זיך צו טון תּשובָה", בּראַנט, סא.

,,דער מענש זאָל ערנצט אין די ס◌רים זײַן לערנען אײַן זעהן... אַז ערשׂ בּעשׂער גידענקן טוט אַז ווי ער ניט זעלט אײַן זעהן,,, עיון, סח/א. "אויך גיבּט עשׂ... קייני ספֿרים דרויז אײַן צו זעהן... קאַן מן ניט מורה הוראה זײַן", עפּש, דרך הישר לעולס הבּא פֿפֿדמ

◌

,

תּמ"ה? "האָט ער מחבּר געווען דעם ספֿר אויף

טײַטש, אַז אַלע זאָלן דרינען א, וואָס ער האָט געשריבן", פּוקח עוריס, שקלאָוו 1832.

7. אויפֿפּאַסן. לייגן אָכט אויף עפּעס. „כּל הקהל... זולין על צײַט אײַן זעהן טון, דז אַל די וועלט גלײַך נושׂא בעול איז מיט געלט אויסן שטיין", תקק. "ווער אבר דיזי גרונד זאַך אונ, הויבט פּונקט רעכט אײַן זיכט דער

אײַנזעצל

ווערט ווישן אַלז מעהר דראָן גלעגן איז„, אבֿן י)ראָל, מעץ 1766.

8. אוטוו. אַרכ. דזוו האָבן א, מיט עמעצן. „עטליכי די עשׂ פֿר שטנדן האבין דיא האבן מיט דעם חזן אײַן גיזעהן„, לט1, יד/א.

איינזע'נעפּטן — טרוו. ־נעפּט אײַן, ~

געזע

--

נעפּט. אײַנשמירן מיט זענעפּט. א, דאָס וואורשטל. א, דעם פלאַסטער און צולייגן צום רוקן.

איינזענקען — אַרכ. דזוו אײַנזינקען. ←

--

איַינגעזענקט.

איינזעעווידיק — אַדי. וואָס האָט איַינזען.

-

טאָלעראַנט. געדולדיק. פֿאַרגעבּיק. „מעג מען זײַן צו אונדז אַ בּיסל א'ער און זאָגן, אַז מיר האָבּן כאָטש גענומען עפּעס טאָן„„ יג, טמז, XII 1957 1. ־יקייט.

איינזעענדיק — גערונדיוו פֿון איַינזען. „דאָס

--

גאַנצע אַרבּעטער־פֿאָלק, א, און בּאַגרײַפֿנדיק זײַן אונטערדריקטקייט, זאָל פֿאָדערן...„„ בּונד, וואָס ווילען די סאָציאַלדעמאָקראַטען אין רוסלאַנד, זשענעוו 1899.

איַינזעעניש — דאָס & די, ־ן. רחמנותדיק

--

פֿאַרשטענדעניש. בּאַציאונג מיט חסד.

מיטגעפֿיל. האָבּן א, מי ט עמעצן. ניט האָבּן קיין בּרעקל א'. אַ האַרץ מיט (אָן) א'. שלאָגן אָן א'. „מע האָט מיט אים געהאַט א'... ווײַל ער איז געווען דעם סולטאַנס אַ נאָנטער קרובֿ“, אמד, דער סולטאַן ווילנע 1895. „דעם רבּונו־שלעולמס גערעכטיקייט און א,... אין זײַן גאַנצער יצירה„„ אַש, תּהילים־ייִד. „האָט מען פֿון ייִדן געצאַפּט צינזן, אָפּגאָבּן און כּלערליי צאָלונגען

אָן יעדער א'", בּ. רעסלער, טמז, 1967 21 X.
איינזעעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע פֿון
-
עמעצן וואָס האָט אײַנזעעניש. מיט גוטער א'ער
סאַרשטענדיקייט.
-
אײַנזעץ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנזעצן.
אַן אומיושרדיקער א, אין תּפֿיסה. א, פֿון
בּוריקעס. 2. דאָס וואָס מע זעצט אײַן. דזוו איַ .
זאַץ. אַ בּלוזקע מיט אַן א'. 3. דאָס אין וואָס
מע זעצט אײַן. דער א, פֿון אַ פּען. 4. מצ
פֿון אײַנזאַץ. „די בּלוזע געפֿוצט מיט טערקישן
שפּיצנשטאָף מיט א',,, ז. מוירער, זײַ נישט
קיין ווא‎וילער יונג II, טאַרנאָוו 1925.
איינזעצונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אײַנזעצן. אַ שיינע א'. 2. דאָס
וואָס מע זעצט אײַן. „און זאָלסט אַרײַנזעצן אין
אים אַן א, פֿון שטיינער", תּי, שמות, כח, 17.
3. אַרכ. אײַנגעשטעלטער סדר פֿון שטייגער
לעבּן, פֿון אויפֿפֿירן זיך. "אין דיזן (פּרק)
ווערט דר צילט די אײַן זעצונג אונ, גוואנהייט
דז זי הבּן גהאט אין רומא", יוסיפֿון יורדא
,

1764, קיט/א. 4. אַרכ. געזעץ. אויסטײַטש פֿון געזעץ. „איטליכר דער זײַן קינדר ווערט לאָזן לערנן די אײַן זעצונג פֿון דיא (פּרושים) דעם זאַל מן טיטן“, יוסיפֿון,..., נא/ב. „מײַן אײַן זעצונג [תּי: „חוקים“] אונ, מײַני רעכט זאָלט בוואַרן אונ, טון„ [פֿאַרטײַטשט טייל פֿון פּסוק יחזקאל, לו, 27], אור לעת ערבֿ, לאָנדאָן תּק“פּ.
אײַנזעצל — דאָס, ־עך. פֿקפֿ פֿון אײַנזאַץ

אײַנזעצלען

(←). „אָן געסקעס און א'עך פֿון באַטיסט וועט אויסגיין צו פֿופֿצן העמדער„, ממוס, פּרי יוו.
איינזעצלען — טרוו. ־צל אײַן, ~געזעצלט.
-
(שנײַדערײַ) אײַנניי‌ען אַן אײַנ עצל. א, אין אַ מענער־וועסטל אַ סאַמעטענעם פּאַס.
אײַנזעצן — טרוו. זעץ אײַן, ~געזעצט.
-
1. געבן אַן אָרט צו זיצן. אויסזעצן. א, דעם עולם. א, יעדערן אויף אַן אָרט. א, די פֿאַרשוינען אין בויד. 2. געבן אַן אָרט (רעכט) אויף צו וואוינען, צו ווערן אַ תּושבֿ. „זיא זאָלן

קומן פַֿר דיא פֿוקנהיימר פּפָֿאָרט און, קיינר
זאָל עשׂ פַֿר לאשׂן, זא וועלן מיר אײַך הולן
דאָרט און, אײַן זעצן אין איירי גאַשׂן,,, ווינץ.
3. אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה. אַרעסטירן. א אַ

,

קרימינאַלניק. א, אין טורמע. א, תּפֿוס. א, אין
חד־גדיא. א, אין קאַרצער. סטראַשען מיט א,.
,,□אַר זאָגן □הילים זעצט מען ניט אײַן,,, שוו.
,,דער וואָס ,עט נישט טרעפֿן ווי זי הייסט
ווערט אײַנגעזעצט אויף ברויט מיט וואַסער
אויף פֿיר יאָר“ פֿמ [בײַ אונז יודען, וואַרשע

,

1923]. ,,... די לײַט דיא מן אײַן זעצט אין
דיא תּפֿיסה,,, בראַנט, יד. “איך בין דער שד,
וואָס דער בעשט האָט מיך אין וואַלד
אײַנגעזעצט תּפֿוס“, יפּ. ,,דער סוחר פֿאַרזעצט די
פּערל... נעמט סחורה אויפֿגעזעצט... און קען
זיי ניט אָפּזעצן, ווײַל מע האָט אים
איבערגעזעצט, מוז ער אָנזעצן; הייסט דאָס געזעץ מע
זאָל אים א'...,,, עט, שריפֿטן, ז, 547. ,,
פֿינצטער איז מײַן וועלט! זיי האָבן אײַנגעזעצט
מײַן מאַן. זיי האָבן אויף אים אויסגעפֿילט אַ
וועקסל“, ממוס, טאַקסע. ,,איך בעט אײַך, עס
וואָלט עפּעס שיין געווען מע זאָל אַ גוטן ייִדן

א', ניט פֿאַר קידוש־השם, נאָר פֿאָר אַ וועקסל?“,
קמ, 12 1868, No.
4. אַרײַנזעצן אין אַ שטײַג, בכלל אין אַן
ענג אָרט. האַלטן פֿאַרמאַכט, ניט לאָזן אַרויס.
א, גענדז אויף יום־טובֿ. א, דעם אינדיק אין
האָלץ־קאַמערל. א, אָקסן אויף פֿלייש. „אַז מע
האָט אײַנגעזעצט אין שטײַג, איז עס שוין אַ
חיה־רעה„, פרץ, 'די פֿרומע קאַץ'.
5. אַרײַנרוקן. אַרײַנזעצן. א, דעם טשאָלנט
אין אויוון. „איז אַרויס אַ יונגע פֿרוי, די אויגן
פֿאַרוויינט, און האָט אײַנגעזעצט די חלה„, י.
בודזאָהן, דער מקח טעות, ווילנע 1927.
6. אײַנפֿלאַנצן. אויך: מאַכן אַ הרכּבֿה,
אײַנשטשעפּ(י)ען. א, בוריקעס. א, וואַזאָנעס. „אַ
ווײַנשטאָק קען ניט מקבל זײַן קיין הרכּבֿה
פֿון אַן אַנדער מין, דאָס הייסט, אַז מע וויל
א אַ צווײַג אין אים, מוז ער זײַן נאָר פֿון
,

דעם מין“, נצ2, קיג/א. אויך פֿיג. א,
יראתשמים, אַהבֿת־ישׂראל אע. „מײַן לערנען זאָל
זײַן צו א, דײַן פֿאָרכט אין מײַן האַרצן“,
ר, יע)ראָל ממינסק, אור עולם, ווילנע 1865.
7. אַרײַנפֿאַסן. אַרײַנזעצן. א אַ שטיינדל

,

אין אַ רינג. ,,און, דא גוט שיקט דשׂ מבול. דא
הוט ער צווייא שטערן אוישׂ דעם ערש אַרויז
גינומן און, האָט זיא אײַן גיזעצט אין מזל
טלה“, סהמ, איובֿ, לח, 30. ,,אַז מע שלאָגט אָן

1

אַ מזוזה, מאַכט מען פֿאַר דעם אָנשלאָגן 'בּרוך...
לקבוע מזוזה, — אײַנצוזעצן אַ מזוזה,,, ספֿר
מקור הבּרכה, מונקאַטש תּרנ“ה.

8. אַרײַנשטעלן. אַרײַנלייגן. אַרײַנפּאַסן. ,,אַז
מע טראָגט [די ספֿר־תּורה] צוריק צו א, אין
אָרון־קודש אַרײַן, טראָג מען עס אויף
דרומזײַט“, חא, יח/א. ,,גאָט זאָל זיך דערבּאַרעמען
און צוריק א, די שווערד אין שייד אַרײַן“, פּרץ,
ליטעראַטור און לעבן. ,,[ער] האָט זיך
אויסגעלענקט אַ פֿוס... האָט [זי] צוגעלייגט זאַלבן
און צוריק אײַנגעזעצט דעם ביין אין גליד“,
בּאַש, דער שקלאַף. אויך פֿיג. ,,אַ מלאך וואָס ער
הייסט סנדלפֿון השׂר קלײַבּט אויף די
תּפֿילות... און ער ווייס אין וועלכן אָרט און
זײַט מע דאַרף די תּפֿילה א',,, ר, י□)ראָל
ממינסק, אור עולם, ווילנע 1865.

9. אײַנגייען, אַרײַנגייען. אַרײַנהאַפּטן. א, אַ גערסטקע. א, שפּיצן. א, אַ קלינע.

10. אַרײַנשרײַבן פֿאַרשרײַבן פֿאַרצייכענען.

, .

אויך: אײַנקריצן. א, נאָך אַ פּאָר שורות. „אַלזוא האבי איך דיא מיא גינומין אונ, זאָלכיש דאש פרינציפּאַלשטי מיט היר אין גיזעצט“, גה, 263.

11. אַרכ. צוגעבן, מוסיף זײַן. דערגאַנצן. אַרײַננעמען. „דיזע נאמן זינט איבר זעהן וואורדן בײַ דעם ליטר למד זול מן אוך אײַן זעצן , אבֿ, שמות דבֿרים, איזנע 1542. „העט ער פֿר זוימט מנחה אם שבֿת, זוא אורט ער אם מוצאי שבֿת צווייא שמונה עשׂרה, דאז ערשטי אורט ער פֿר מוצאי שבֿת, דאשׂ אַנדרי ביצאלט ער פֿר מנחה, און צום אַנדרן מאָל בידאַרף ער ניט אײַן צו זעצין אַתּה חוננתּנו“, לט1, כד/א. “מן אורט שמונה עשׂרה ביז אַן האל הקדוש אונ, זעצט אײַן אַתּה קדשתּ, דר נוך רצה, מוֹדים ביז אוישׂ„, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, ו/ב. „ווען מן האָט פֿר געשׂן אַתּה חוננתּנו אײַן צו זעצין, דאַרף מן ניט נאָך אַמאָל שמונה עשׂרה מתפּלל זײַן“, סtoה, סא/ג. „ווען דר חולה עשׂט כשיעור אַז מן מוז בענשן דריבר,... מוז ער אײַן זעצן אין בענשן יעלה ויבֿא את יום הכּפּורים

הזה“, שלחן ערוך, אָרט? יאָר?

12. מאַכן אַ פּירוש. אײַנטײַטשן. אַרײַנגעבן אַ מיין. א אַ (האַרבּן) פּסוק. „אין ארץ־ישׂראל

,

האָט מען אַזוי אײַנגעזעצט דעם פּסוק: נפֿלה, זי איז געפֿאַלן און זי וועט שוין מער ניט פֿאַלן„, יעבֿץ איבּז, עין יעקבֿ, וואַרשע תּרמ“ו, בּרכות, ח/ב.

13. אַרויסזאָגן, אַרויסבּרענגען בּעל־פּה. „מע האָט געלאַכט פֿון אים, ווי ער זעצט אײַן די עבֿרי בּײַם דאַוונען„, מ. י. שעליובּסקי אין דער וועלט אַרײַן.... „הערן זײַן שיינע שטימע, ווי ער האָט אײַנגעזעצט יעדעס וואָרט ווי און וואו איר פּאַסט„, אלצ, גליקלעכ, מפּטיר, וואַרשע 188.

14. אײַנווענדן. אויסזעצן. האָבּן טענות. נר. א, קעגן אַ בּאַשולדיקונג.

15. אַוועקשטעלן, אויפֿשטעלן אַ וואַך, אַ שמירה. “נעמט די וואַך, איין זיצט וועכטיר“, שעריר נא, 12. [תּי: „שטעלט אויף“]. „מ'האָט אײַנגעזעצט אַ גרענעץ־פּאָליציי זי זאָל די

וואַנדערונג איבערוואַכן", רעד, משה פּראָסטיג, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע"ב, לעמבערג .1911

16. באַשטימען, אַוועקזעצן אויף אַ הויכן אַמט. א אַ שׂר, אַ שׂררה. בײַם פֿאָלק גאָרניט
,

-

פּרעגן און א, אַ מושל. ,,[די] רעגירונג וואָס פֿראַנקרײַך האָט דערווײַל אײַנגעזעצט", קמ, .No '18(3 41

17. אויפֿפּעסטיקן. צופּעסטיקן. "בויט אַ מענטש אַ הויז, זאָגט הקב"ה: שרײַב אויף מײַן נאָמען און זעץ אים אײַן אויף דעם טויער", נצ2, סג/א.

18. גרונטפּעסטיקן. אײַנשטעלן. ,,מיט דער

עצה פֿון דר תּורה האָט ער [דער רבש"ע] אין

גיזעצט דיא שוועלר... פֿון דר ערד“, װזזור
שלש רגלי, אַמשט 1713. „קראָליקעס אַן
אומשטאַרק פֿאָלק, האָבּן זיך [— פֿאַר זיך]
אײַן --
געזעצט אין דער סקאַלע זייער הויז„, מס, משלי
תּקע“ד, ל, 26.
19. מאַכן עס זאָל ווערן אַ פּיר, אַ מנהג.
א, כז ניסן ווי דעם טרויערטאָג נאָכן דריטן
חורבּן. „דו זאָלסט ניט טראַכטן... וואָס עס
איז בּײַ דיר אײַנגעזעצט געוואָרן אין דער
יוגנט דאָס קען שוין בּײַ דיר ניט פֿאַרענדערט
ווערן“, חה, ב, רלד.
20. אײַנשטעלן, אײַנפֿירן אַ סדר. „דער מלך
האָט זיך געמאַכט אַ שיר און האָט אײַנגעזעצט
אין דעם שיר מיט חכמה די אַלע ערטער„,
נחבּ, ,מעשׂה מבּערגיר והעני'.
21. ריזיקירן. אײַנשטעלן געלט בּײַ אַ מסחר,
ספּעצ בּ אַן אַזאַרט־שפּיל, אין קאָרטן. „...כּדי
עי
ער זאָל אָפּזיצן וואָס ער האָט אָנגעזעצט, מוז
ער פֿון האַנדל אויך אָפּזעצן, ווײַל עו האָט
שוין ניט וואָס אײַנצוזעצן„, עט, שריפֿטן
[← בּ3]. „ער פֿלעגט די תּפֿילין אין שפּילן

איַין צו זעצין,,, איין שין ניַיא קוריעם שפּיל
ליד, אָפּנבּאַך תּע״ט.
22 פֿאַרזעצן. איַינלייגן (אַריַינגעבּן) אין
.
משכּנות. א, די שבּתדיקע ליַיכטער.
23. אַרכ. נעמען פֿאַר אַ פֿרוי [מע זעצט זי
דערבּיַי איַין אין אייגענעם הויז]. ,,און, אין
דיא זעלבּיגן ציַיטן האבּ איך גיזעהן דיא יהודים
האבּן איַין גיזעצט און, גינומן וויַיבּר פֿון
אַנדרי אומות,,, סהמ, נחמיה, יג, 23. ,,דער
מענטש געהער אַלדאָס זיַיניקע פֿאַרקויפֿן דאָס
ער אַ בּת תּלמיד־חכם איַינזעצט,,, ר, א‎ רהם
עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם, לאַשטשעוו 1817.
24. איבּערפֿלאַנצן דורך אַן אָפּעראַציע אַ
מענטשלעכן אָרגאַן. א, אַ ניר. אויסשניַידן דאָס
קראַנקע האַרץ פֿון חולה און א אַ געזונט
,
האַרץ פֿון אַן אָקערשט־געשטאָרבּענעם.
איַינזעצן זיך —— ← דפֿוו. ספּעצ: 1. זיך
-
אַריַינזעצן (כּדי צו פֿאָרן). א, זיך און
אַוועקפֿאָרן. ,,און ־זיי האָבּן זיך איַינגעזעצט אין
דער שיף און האָבּן אָנגעהויבּן אַהיימצוריַיזן,,,
פֿמ [בּיַי אונז יודען וואַרשע 1923]. ,,זיי האָבּן

זיך אײַנגעזעצט אין די פֿורן, געדיכט אײנער
צום אַנדערן", ווײַס, אַ שטעטל. „מע האָט זיך
אײַנגעזעצט אויפֿן וואָגן און מען איז ווײַטער

אײַנזעצער

געפֿאָרן פֿאַרשטייט זיך מיט קפֿיצת־הדרך,,,

,

ש. א. הרשקו יץ, די אוגערקע, בני־ברק, יאָר?
2. זיך אַוועקזעצן באַקוועם. זיך ווי געהעריק
א'. „ער האָט [איר] געהאָלפֿן זיך א'...
דערנאָך האָט ער אַליין זיך אײַנגעזעצט אין דער
צווייטער שטול,,, ב. דעמבלין, צוויי און אַ
דריטער.
3. אַרײַנפּאַסן זיך. „יעדעס ו אָרט האָט זיך

אײַנגעזעצט אין דעם טרויער־ניגון,,, לדב, נ,,י
תש"ז, ז, 348.
4. באַזעצן זיך אויף שטענדיק.
אײַנאָרדענען זיך. שלאָגן וואָרצלען. א, זיך אין אַ קבֿוצה,
אין אַ קאָלאָניע.
5. אַרכ אָקופּירן. פֿאַרנעמען. „נון וואָלטן
עז דיא היידן אבר גיוואלטיג זײַן. אונ, זאצטן

זיך מיט גיוואלט געגן גבעה איין“, שמואל־בוך, סטראָפֿע l96.

6. איינשטעלן פֿאַר זיך אַן אָרדענונג, אַ סדר. ,,ווי די ערשטע כּנסת האָט זיך איינגעזעצט, אַזוי פֿירט זיך שוין ווייטער אונדזער פֿאַרלאַמענט“, רייד (א,,י).

7. אַרײַנגענומען ווערן אין זינען, אין האַרצן, אין קאָפּ. איינעקשנען זיך. ,,דז איך מיר האבּ איין גיזעצט אַז זיא טמא איז,,, 'שו,,ת הרמ“א', 1640 [הש I]. “ער האָט זיך איין גיזעצט אים הרץ...“, סהמ, דניאל, א, 8.

־עכץ. ־עניש.

איינזעצער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס. ווער

--

עס זעצט איין (פֿאַרשיידענע בבֿ). “מע האָט איצט געבעטן זיצן אַ נעכטיקן א',,, בּ שעפּנער. ,,דער א, בּלייַבּט נאָך שטיין אַ ווײַלע בּײַם אויוון,,, בּ גאָרין, פּסח. , נ“י 1899. —ערײַ.

איינזעקלען — טרוו ־קל איין, ~געזעקלט.

—

.

איינשיטן, איינפּאַקן אין זעקלעך. פֿרגל

איַנזאַקן. איד,־שפּאַ וובּ, בּ״א 1931.
איַנזשאַווערן — ־ער איַן, ...,,גזשאַווערט.
אוטוו — בּאַדעקן זיך מיט זשאַווער. די איַזערנע כּלים האָבּן פֿון דער נעץ גענומען א'. די שריַפֿעלעך אין קאָפּ זשאַווערן איַן = מע האַלט אין ווערן עובֿר־בּטל. טרוו — מאַכן עס זאָל ווערן פֿאַרזשאַווערט. א אַ בּלעך.

,

איַנזשאַלעווען — טרוו. ־לעווע איַן, ...,, געזשאַלעוועט. 1. איַנקאַרגן. א, דעם גראָשן. 2. קריגן רחמנות. ,,דער גזלן האָט דערהרגעט דעם טאַטן און די מאַמען און איַנגעזשאַלעוועט די צוויי קליינע קינדער‟, פֿמ. אויך מיט ז י ך.
איינזשאַרען — טרוו. ־רע איַן, ~געזשאַרעט.
 ־

1. דורכנעמען מיט זשאַר. א, דעם אויוון.
2. איַנבּראָטן אויף בּרענענדיקע קוילן. א, קערלעך. א, די קאַשטאַנעס.
איַנזשגעווען — טרוו. ־געווע איַן, ~ געזשוגעוועט. >שפּאַ. (אין לשון פֿון אַרגענטינער קאָלאָניסטן) איַנשפּאַנען אין יאָך. ,,אונטער די שניַדנדיקע פּאַמפּאַ־ווינטן... איז זי געשטאַנען אין קאָראַל נעבּן איר מאַן און געהאָלפֿן

א, די אָקסן,,, מרדכי אַלפּערסאָן, פֿון
אַרגענטינע, בּ,,א 1960. . אָנזשוגעווען.
אײַנזשווזשען — טרוו. ־זשע אײַן, ~
געזשווזשעט. 1. זאָגן עפּעס מיט קלאַנגען וואָס

1153

דערמאָנען אַ זשווזשען. א, ווערטער פֿון
ליבשאפֿט. א, וו אַ בין. 2. ספּעצ. אײַנרוימען אַ
י

-
סוד. א אַ סוד, אַ רכילותל —עניש.

אײנזשירעווען — טרוו. ־רעווע אײַן, ~
גע ־
זשירעוועט. סל. 1. אײַנשמירן אין פֿעטס. א,
די פּאַטעלניע. 2. מאַכן עס זאָל ווערן פֿעט.
אײַנהאַדעווען. א, די גענדז. אויך מיט ז י ך.

איינזשל(י)אָקען

— טרוו ־קע איַין, , ,

גע—

.

זשל(י)אָקעט. איַינטרינקען, איַינכליאָבּען.

אַריַינציִען אין מויל מיט אַ געקלאַנג, אַ זשליאָקע.

א, אין איין אָטעם אַ קופּל בּיר. א אַ שיסל

,

געדיכטע זופּ.

איינזש ורען — אַקוזוו ־רע איַין, ~

גע—

.

זשמורעט. (נאָר וועגן אויגן) צודריקן, האַלבּ

פּאַרמאַכן. א, די אויגן און שמייכלען.

איינזשמיקען — טרוו ־קע איַין, ,,

געזשמי—

.

קעט. 1. איַינרײַבּן מיט זייף. אַריַינטאָן אין

זייפּוואַסער. א, וועש. 2. איַינדריקן. א, נאַסע

גרעט. ־עניש.

איינזשמעניען — טרוו ־ניע איַין, ~

געזשמע

—

.

ניעט. אוקר. אײַנדריקן אין אַ הויפֿן. א, עטלעכע גראָשן. א, שניי, עס זאָל ווערן אַ קײַלעכל האַרט ווי אַ שטיין.

איינזשעבּרעווען — טרוו ־רעווע אײַן, ~גע— . זשעבּרעוועט. 1. אײַנבּעטלען. צוניפֿבּעטלען. א אַ טאָרבּע סקאָרינקעס. 2. (פֿעיאַ) אײַנזאַמ, לען. צונוי□נעמען. א, קנעפּלעך זיך צו שפּילן מיט זיי. 3. דזוו אײַנזובּרעווען. א, די גרויסע תּרדה.

איינזשעלע'יען — טרוו ־לעיע אײַן, ~ געזשעלעיעט. מאַכן עס זאָל ווערן אַ זשעלע,; בּאַדעקן מיט אַ זשעלע. א, פּירות. א, קאַרטאָפֿל.

איינזשערען — טרוו ־רע אײַן, ~געזשערעט. — . □נ e'ri □e] □ :: □ □ < = פֿרעסער. אוקר. אײַנפֿרעסן. אויפֿפֿרעסן. אײַנשלינגען, אַרײַנכאַפּן. א, אַן אָקס מיט די קאָפּיטעס. ,,(זע נאָר,) ער וויל א, די גאַנצע וועלט‟, פּוול.

-

איינהבּרן זיך — [... כאַווערן...] אוטוו.

--

חבֿר זיך אײַן, זיך ~געחבֿרט. צוגעו אוינען זיך צו עמעצן און ווערן חבֿר. א, זיך גרינג מיט מענטשן. א, זיך מיט בלאַטע יאַטן. „מײַן גרויסע יסורימדיקע וועלט מיט איר זאָרגלאָז קליין וועלטל האָבּן זיך אײַנגעחבֿרט“, סעג, מײַנע זיבּן יאָר אין תּל־אָבֿי, בּ״א 1947.

איינהדרדיק — [... כיידער...] אַדי. וואָס האָט נאָר איין חדר. אַן א'ע וואוינונג.

איינה דשדיק — [... כוידעש...] אַדי. וואָס געדויערט נאָר איין חודש. אַן א'ע וואַקאַציע. א'ע פֿרײַנדשאַפֿט.

.

אײַנהוזקן — [... כויזעקן] חוזק אײַן, ~ געחוזקט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט הוזקן, אָפּלאַכן. א, פֿון אַ שטילן מענטשן פֿון אַ פֿאַר,

שווײַגער. טרוו — חוזקן פֿון עמעצן, ביז יענער פֿילט זיך דערונטערדיק. "מע האָט אים אַזוי אײַנגעחוזקט אַז איצט עפֿנט ער שוין ניט דאָס מויל,,.
איינהושיק — [... כושיק] אַדי. וואָס

פֿאַראײַנהלקן

מאָגט נאָר איין חוש. א'ע בּרואים. אויך: איינהושימדיק.

איינהושכן — [... כוישעכן] טרוו. חושך אײַן,
--
~געחושכט. 1. מאַכן עס זאָל האָבן גאָרניט אָדער ווייניק ליכט. א, דאָס צימער מיט די שווערע פֿאָרהאַנגען. 2. אײַנפֿינצטערן
פֿאַר.
שוואַרצן. א, דאָס לעבן. 3. אײַנשוואַרצן, קאָמפּראָמעטירן. א, עמעצן, מאַכן אים מיט בּלאָטע גלײַך. 4. אײַנבּרודיקן, אײַנשמוציקן. א, די טרעפּ מיט מיסט. מיט ז י ך — אַדיך מאָראַליש. ,,אַלץ זען ווי דורך אָפֿענע שפּיגלען און ניט א, זיך מיט אַלעמען גלײַך", הל, 1927.

איינהזירן — [... כאַזערן] טרוו. חזיר אײַן,
-
~געחזירט. 1. מאַכן שטאַרק שמוציק. א, די
קליידער, די הענט, דאָס פּנים אאַזוו. 2. אויך
פֿיג. א, יענעמס נאָמען, רעפּוטאַציע. מיט
ז י ך.
איינהזרן — [... כאַזערן] טרוו. חזר אײַן,
--
▯ ־,געחזרט. 1. אײַנלערנען דורך אַ סך מאָל
איבערחזרן. אײַנשטודירן. גוט א, אַ פּסוק, אַ
פֿראַזע אע. א, מ י ט עמעצן די דינים. א, (אַ
ליד, אַ רעדע) פֿון אויסנווייניק. „איך בעט
למורי ורבי שליט״א מיר נאָך איין מאָל
אויסטײַטשן, איך זאָל מיר קענען גוט א״', סשי I,
טו. „א, זיי [די דיני▯] גוט מיטן גוף, אַז דער
גוף אַליין זאָל ווערן מורגל אין דעם אויף
מקיים זײַן״, לדב נ„י תּשי״ז, ז, 284. 2.
אײַנקנעלן. אײַנזובערעווען. אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ.
א, די הפֿטורה. א, מיטן עולם די זעלביקע
אויסגעדראָשענע ליגנס. א, דעם זשאַרגאָן פֿון
דער פּאַרטיי. מיט ז י ך — א, זיך דעם
נאָמען אויף די געפֿעלשטע פּאַפּירן ־ניש.
.
איינהיבורדיק — [... כיבער...] אַדי. וואָס

האָט (געמאַכט) נאָר איין חיבור. אַן א'ער שרײַבער (געלערנטער, רבֿ).
אײַנהיותן זיך — [... כי(י)עסן...] אוטוו. חיות זיך אײַן, זיך ~געחיותט. קוויקן זיך מיט עפּעס אַ לענגערע צײַט. א, זיך מיט (פֿון) דער עשירות.
איינהילופֿן — [... כילעפֿן] טרוו. חילוף אײַן,
-
~געחילופֿט. מיִ. אײַנבײַטן. א, סחורות געלט.
איינהלבֿן — [... כיילעוון] טרוו. חלבֿ אײַן,
-
 י.,,געחלבֿט. אײַנשמירן מיט חלבֿ. א, דאָס שוואַרצע ברויט. א, די קאַפּאָטע.
אײַנהלומען — [... כאָלעמען] חלום אײַן,
 ..,,געחלומט. אוטוו — אָנהייבן חלומען. "די אויטאָס... לאָזן מיך קיין רגע נישט אײַנצוחלומען אין דעם אָ אויפֿגעפּראַלטן רויש,,, קעהאָס קליגער, צוק פֿעב, 1968. טרוו — שאַ,
פֿן (ווי) אין חלרם, אין אַ צושטאַנד ווי ניטוואַך. ,,איך חלום אײַן בײַנאַכט אַ ליד,,, בעריש ווײַנשטיין, טאָג, 12 1960 III. ,,וויפֿל ערלעכע... בילדלעכקייט זי חלומט אײַן אין אירע שורות",

יג, טמז, 1962 י 27.
אײַנהלקן — [... כיילעקן] טרוו. חלק אײַן,
י.,געחלקט. (קצבֿיש) דזוו אײַנטיילן אין
חלקים. א, אַ זײַטל פֿלייש אָן (מיט) ביינע.

איינהנדלדיק
איינהנדלדיק — [... כיינ...] אַדי. וואָס
איז מיט (האָט נאָר) איין חנדל. ,,זעט, ווי זי
פֿאַרבײַסט די ליפּעלעך, מײַן א, טעכטערל".
איינהנדלען זיך — אוטוו. חנדל זיך אײַן,
-
זיך ~געחנדלט. זיך אײַנקויפֿן בײַ עמעצן
מיט חנדלעך. צולאַשטשען זיך צו עמעצן און
אים געווינען. ,,זי האָט זיך אין אים
אײַנגעחנדלט און ער האָט זי גענומען אָן אַ גראָשן
נדן,,.
איינהנפֿע(נע)ן — [... כאַנפֿע...] טרוו.
--
חנפֿע אײַן, ,געחנפֿעט. אַ לענגערע צײַט,
מיט כלערליי געגעלעך חנפֿענען עמעצן, ביז
יענער גלייבט די חניפֿה־רייד. ,,מע האָט אים
אַזוי אײַנגעחנפֿעט, אַז ער מיינט טאַקע, ער
איז אַ חכם עתּיק,,.

מיט ז י ך — זיך אײַנקויפֿן בײַ עמעצן מיט חניפֿה. א, זיך בײַם (צום) גבֿיר. „האָט ער זיך פֿריִער געוואָלט א, בײַם ווײַב... און זיך בײַ איר אָפּקויפֿן מיט אַ פּאָר רענדלעך„, קמ, 1870, ll No. „מע דאַרף זיך בײַ זיי א„ מע דאַרף

זיי ווײַזן....„ זשיט ׳, נ„י 1917. „ער האָט געוואוסט צו רעדן מיט זיי אין זייער נוסח, געבֿן זיי עצות, זיך א, בײַ זיי„ רחל

אויערבאַך, אין לאַנד יtראל. ־עניש.

איינהקירהן — [... כקירען] טרוו. חקירה --

אײַן, ~געחקירהט. 1. אײַנטײַטשן מיט אַ כּלומרשט טיפֿזיניקער חקירה (איר בײַטעם). א, אין יענעמס רייד באַהאַלטענע כוונות.

2. תּח. לר. (שפּאַסיק) אײַנשפּאָרן. א, אַ פּאָר גראָשן.

איינהקרנען — [... כאַקרענען] טרוו. חקרן --

אײַן, ~געחקרנט. חקרנען זיך איבער עפּעס און (כּלומרשט) אויסגעפֿינען (באַהאַלטענעם) אינהאַלט. אַרײַנדרשנען אַ טיפֿן געדאַנק. א, אין דער טעאָריע די גאַנצע קבלה. א, פּיתום ורעמסס. אויך מיט ז י ך.

אײַנהשבונען — [... כעזשבענען] טרוו.

חשבון איַן, ~געחשבונט. 1. אַריַננעמען,
אַריַנרעכענען אין חשבון. א, אויך פֿאַרן
ניט־עסן. 2. האָבן אַ טעות אויף ווייניקער.
א אַ פּאָזיציע. ~השבוניש.

איַנהתמע(נע)ן — [... כאַסמען] טרוו. חתמע
איַן, ־ ,געחתמעט. 1. איַנשריַיבן (אָדער איר
אָדער פֿיַערלעך). א, אין ספֿר־הזכרון. 2.
פֿאַרחתמענען פֿאַרזיגלען. א אַ פֿלאַש וויַן. „דער
שטיַער־אינספעקטאַר האָט איַנגעחתמעט די
קראָם“, רייד (ווילקאָמיר, ליטע). 3.
ואוויליונגעריש. אָנבּרעכן די בּיינער.
איינט — צוו. פֿטמ. ערשט. „אויף דער
הונדערט מיט א'ער וויאָרסט„, בּערג.
איינטאָגיק — אַדי. 1. וואָס געדויערט (קומט
פֿאָר אין) איין טאָג. א'ער אורלויבּ. 2. וואָס
עקסיסטירט איין טאָג. א'ע פֿליג. א'ע בּלום.
־יקייט.
איינטאָגפֿליג — די, ־ן. מין פֿליג וואָס איר
לעבּנס־דויער איז איין טאָג.
איַנטאַדלען — טרוו. ־דל איַן, ~געטאַדלט.
איַנגעפֿינען חסרונות. א, עמעצן, טשעפּען זיך

צו אים. „א, אונדזער פֿאָלק בײַ אונדזערע
קינדער„, נתנאל דער פּוטטערנער אײוועץ,
פּיעטריקאָוו תּרס״ד. ־עכץ. ־עניש.
אײנטאָוולדיק — אַדי. וואָס איז מיט (האָט)
איין טאָוול. אַן א, ביכל. א'ער קלאַס.
אײַנטאָוולען — טרוו. ־וול אײַן, י„געטאָוולט. א
-
אַרײַנלייגן אין (צווישן) טאָוולען. אײַנבינדן. א,
אַ בוך.
אײנטאַטואירן — טרוו ־איר אײַן, ~(גע)־
-
טאַטואירט. דזוו אויסטאַטואירן, . 244. א,
דאָס לײַב. א, איניציאַלן. „אויף דער האַנט
יעדערן אײַנטאַטואירט אַ נומער„, יע)ראָל קאַפּלאַן,
שליאַך און אומוועג. ״דאָס שטיקל הויט זייערס,
אין וועלכן דער תּלי(ו)ן האָט אײַנטאַטואירט
דעם לויפֿנומער„, בצג, טמז, 24 1965 I. מיט
ז י ך. ־ונג.
אײַנטאָטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~
געטאָטשעט. 1. אײַנטאָקן (→). 2. אײַנשלײַפֿן.
א אַ קאָסע, אַ בריטווע. 3. אײַנקריצן.
אײַנ,

שאָבן. א אַ שטיין. 4. (שוסטעריַי) אויך
,
~טאָטשעווען — איַינשטעפּן. א, נעט.
איינטאַלאַסעטשען — טרוו ־טשע איַין,
— .
~(גע)טאַלאַפּעטשעט. פּפֿ ~
טאָלאָפּעטשען. אוקר, וורר. (פּעיאָ) איַינטענהן
אומקלאָר, נאַריש. א, עטלעכע ווערטער, כּמו מחילה
בּעטן.
איינטאַלאַפּ(ק)ען — טרוו ־פּ(ק)ע איַין,
—
~געטאַלאַפּ(ק)עט. אוקר. איַינטרעטן מיט די
שמוציקע פֿיס. א, די פּאָדלאָגע.
איינטאַליק — אַדי. וואָס בּאַשטייט נאָר פֿון
איין טאַליע קאָרטן. די א'ע און די צווייטאַליקע
קאָרטנשפּילן.
איינטאַלירן — טרוו ־ליר איַין, ~געטאַלירט.
— .
איַינטאַשן. איַינטיילן (ווען קאָרטן). א, די
קאָרטן.
איינטאָלמאַטשען — טרוו. ־טשע איַין,
--
~געטאָלמאַטשעט. פּפֿ: ~טלומאַטשען. סל.
וורר. דזוו איַינטאָלקעווען.

אײַנטאָ'למעטשערן — טרוו. ־ער אײַן,

~געטאָלמעטשערט. פּפּ: ...,טאָלמע'טשען.
ווי ניט איז אויסטײַטשן, איבערזעצן פֿון איין
שפּראַך אויף אַן אַנדערער. א, דאָס עדות־זאָגן.
איינטאָלקעווען — טרוו. ־קעווע אײַן, ~

געטאָלקעוועט. אײַנטענהן. געבן צו פֿאַרשטיין.
אײַנקנעלן. "דו באַנעמסט כאָטש? האָט ער
געפּרוּווט א, מיטן ווײַב,,, אַר, ,בײַ דאַקטוירים,.
,,ביז איך האָב אײַנגעטאָלקעוועט אַז מע דאַרף
פֿאַרקנעטן טייג", שע, 'שראַגע'.
איינטאַמעווען — טרוו ־מעווע אײַן, ,
גע—
טאַמעוועט. 1. טאָרמאַזירן פֿאַרהאַלטן מיט

כּוח. א, דעם וואָגן. א, דאָס ווילדע פֿערד. א,
אַ טײַך. א, די אָפּאָזיציע. א, די לאָבּוסעס.
2. אײַנהאַלטן פֿאַרהאַלטן בלוט. א, דאָס בלוט

פֿון וואונד. 3. אײַנשטילן אַ צערודערטן, אַ
שטאַרק אויפֿגערעגטן מיט (גוטע) רייד. *א,
עמעצן דאָס בלוט = אויך מיטן זעלביקן ב.
"מע זאָל באַלד מאַכן אַן עק פֿון די שותּפֿות,
אַזוי אַז איך האָב דיר [= דיך] נישט געקענט א',

אײַנטאָן

האָסט גאָרנישט געוואָלט הערן“, פּלוני, אַ
שרעקליכע געשיכטע פֿון ר, אלעזר הקדוש...
גראָדנע אין יאָר 1770, פּיעטריקאָוו תּרע,,ג. ,,א,
אַ כלומרשט קריגערישן מיטאַרבעטער מיט אַ
מוסר־זאָג“, אאר, ייִשפּ 6 — 3 ,ם I.
ייִנטאָן — טרוו. טו אײַן, טוען אײַן, ~

געטאָן; ~טוענדיק [לויט לד. אַנדערע דד ~טין
(לאַנגע י)]. 1. אַרײַנגיסן, אַרײַנשיטן, אַרײַנטאָן
עפּעס בײַם גרייטן שפּײַז. א, נאָך זאַלץ אין
געקעכטס. א, אַ ציבלקעלע אין זופּ. א,
ראָזשינקעס אין טייג. ,,איין טאָפּ דא פֿיל לײַט איר
עשׂין אײַן טון. איינר זעצט צום פֿײַאר, דער
אַנדרר ציכט דער פֿון“, צוכט.
2. אַרײַנטאָן עפּעס אין עפּעס בײַ יעדער מין
אַרבעט. א, נאָך פֿאַרב, קאַלך, זאַמד אאַזוו. א,

-

אַ פֿאָדעם אין אַ געוועב. א, די פּען אין טינט.
3. אַרײַנרוקן, אַרײַנשטעקן. אַרײַנלייגן. א,

די פֿיס אין ים־וואַסער. *ניט א, קיין האַנט אין (קאַלט) וואַסער = גאָרניט טאָן, ניט וועלן טאָן. א, די פּאָלעס פֿון דער קאַפּאָטע אין (איבערן) גאַרטל. „ער האָט פֿאַר אים קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אײַנגעטאָן„. „ווען איינער זעהט איין (שד), זאָל ער זײַן גראָבן פֿינגר אײַן טאָן אין זײַן פֿויסט און זאָל ניט רידן צו קיינם ביז ער אַן פֿײַאר אנרירט“, ספֿר חסידים, תק״ן? “און מע האָט אין אָרון־קודש צווישן אַלע ספֿרי־תּורות אײַנגעטאָן דעם פּסקדין“, ש. אַנסקי, 'אַ דין־תּורה'.

4. אַרײַנלייגן אַרבעט. באַאַרבעטן. א, מער צײַט ב־ אַ פֿינקטלעכער אַרבעט. א, ע ר ד —

״.

באַאַרבעטן ערד   פֿאַרמאָגט אפֿשר צוואַנציק

„ .

וולאָקעס ערד! ווען ער זאָל זיי אַליין א', וואָלט ער געווען אַן עושר„, אַר, 'מענדלס פֿעלדער'.

5. אָנווענדן כּוח, פֿלײַס אע בײַ אַ טואונג. א, מער פֿלײַס און פֿאַרענדיקן גיבער.

6. אַרײַנגעבן, אַרײַנטאָן. א, די אמתע כּוונה

בײַ (אין) אַ תּפֿילה. ״קיין מענש האָט ניט אײַן גיטאַן איין פֿרײַא הערץ, נייארט צו זײַנם ווײַבּ — דז ערשטי, אבּר ניט צו דעם אַנדרן ווײַבּ דז ער נעמט״, צאינה, י׳/ג.

7. טאָן פֿאַרשיידנס, אַ סך. „ווען ער האָט זײַנם חבֿר וואשׂ אויז גקויפֿט [און דערבּײַ משׂיג גבֿול געווען], איז אַלז [= אַלץ] איין טאָן — העלפֿט קיין תּשובֿה ניט, בּיז ער צון ערשטן מוז זײַן חבֿר גינוגן טאָן״, עח, סד/ג.

8. אַרכ. אײַנזאַמלען. אַרײַננעמען צו זיך. ← אײַנגעטאָן. טוו פֿאַר 'אסף'. טח פֿאַרטײַטשט 'ואספֿתו אַל תּוך בּיתך, (דבֿרים כב, 2): ״און, דוא זולשׂט איין טון אין צו צווישן דײַן הויש״ [תּי: ״אַרײַננעמען אין דײַן הויז״]; אַזוי אויך 'ויאסף רגליו אַל המטה, (בּראשית, מט, 33): „און, ער איין טעט זײַן פֿישׂ צו דעם בּעט״ [תּי: „האָט ער אַרײַנגענומען...״]. „איין מענש טוט הויפֿנן תּבֿואה און שניט... ער ווייש ניט ווער עשׂ אײַן זמלט אין הויז, ער מאג וואול שטרבּן אי [= איידער] דיא צײַט קומט דז מן דיא תּבֿואה איין טוט״, סהמ, תּהלים, לט, 7 [תּי: „ער ווייס ניט ווער דאָס וועט אײַנזאַמלען״].

9. אַרכ. אַוועקנעמען. אָפּטאָן. פֿאַרבּאָרגן. פֿאַרבּאַהאַלטן. 'אסף חרפּתנו, (ישעיה, ד, 1)

פֿאַרטײַטשט סהמ: „טוא אײַן אונזר חרפּה“ [תּי: “טו אָפּ אונדזער שאַנד„]. א, דעם צאָרן. „אַז דו פֿאַרבאָרגסט דײַן פּנים פֿון זיי ווערן זיי דערשראָקן און אַז דו מאַכסט א, זייער אָטעם — מוזן זיי פֿאַרגיין“, חה, 260. „בשעה שמת דוד המלך האָט איין גיטאן דיא לבֿנה איר ליכט“, נצ 1, דבֿרים, מא/ד. „דיא שטערן האבן איר ליכט איין גטאן“, אור לעת ערבֿ, לאָנדאָן תק“פ? ['הכּוכבֿים אָספֿו נגהם'].

1O. אַרכ. צעשטערן. אומברענגען. חרובֿ מאַכן. [אַזאַ טײַטש איבערן ספּעצ ב פֿון 'אסף', . בּ8.] א, אַ בנין. א, אַ גאַנצע שטאָט. סהמ פֿאַרטײַטשט 'ואָספֿתּה נפֿשך ונפֿש ביתך, (ש ופֿטים, יח, 25): „אונ, ווערשׂט אײַן טאָן דײַן לײַב אונ, לײַביר פֿון דײַנים הויז גיזינד“ [תּי: „און וועסט אומברענגען דײַן נ ש...„]. נאָך אָנהייב 20. י“ה איז געווען אין פּאָד דער מלמדישער טײַטש 'האַף תּספּה, (בראשית יח, 23): „צי דען זשע (ניט שוין זשע) וועסט א'“.

11 פֿאַרבינדן, פֿאַרקניפּן. “דו זאָלשׂט ניט

.

איַין טאָן מיט די בלוט שולדיקן... מיַין
לעבן״, סהמ, תהלים, כו, 9. ״זאָלסט ניט א, מיט
זינדיקע מיַין זעל„, תּי, דאָרטן [אל תאסף עם
חטאָים נפשי'].
מיט ז י ך — זיך א, אין עפּעס מיט פליַיס,
כּוונה אע. אויך: זיך צוגעוואוינען צי אַן
אַרבעט, איַינבּרעכן זיך, איַינלערנען זיך בּיַי אַ
נײַער טואונג. ״און אַז זי ווער זיך א', וועט
זי פאַרדינען מער„, בּ. גאָרין, שפּרה..., נ״י
.1910
איינטאָניק — אַדי. 1. וואָס האָט נאָר איין
טאָן. וואָס קען אַרויסגעבן נאָר איין טאָן. דער
א'ער טיק־טאַק. א'ער אינסטרומענט. „מיַין
האַרץ קלאַפּט מיט צום טאַקט א'ן„, אַל II. ״דאָס
לעבן האָט גענומען קלאַפּן זיַין א, טריק־טראַק
איבער די בּרוקשטיינער פון מיַין וויַיטן וועג״,
נאַד. „די שטימען — א', אַזוי ווי טראָפּנס וואַסער
וואָס פאַלן פון אַ קראַן„, י. פּערלע, 'ניַין
אַזייגער אינדערפרי'. „... מיט דעם א'ן קנאַקן
פון די פינגער״, חיים־יצחק בונין, חבּ״דיש,
לאָדזש 1938.
2. וואָס איז פון איין שניט, אויף איין אופן.
מאָנאָטאָן. איינקאָליריק. אַ רואיק און א, לעבן.
„זיַינע טעג... נישט א, און איינפאַרביק זענען

זיי געוועןײ, הרבֿ משה חיים בלויא, אונזער
וידוי, לובלין 1934. ײדי געריכטער מײַנע זענען
געוואָרן אַלץ א'ער און כ'האָב פֿאַרלוירן צו זיי
דעם אַפּעטיט״, באַש ▯אָר, 26 1963 ▯I. „
אַמע,
ריקאַנער מענטשן — ייִדן בתּוכם — זײַנען אין
זייער רובֿ מנין איינאַרטיק, א', איינשפּראַכיק„,
ב. רודמאַן, איק, ר״ה תּשכ״ה.
—יקייט — ״זײַן אומרואיקער, נערוועזער
טעמפּעראַמענט וואָס דערלײַדט ניט די א, פֿון
דעם אַרבעטער־לעבן„, זשיט I▯, נ״י 1917.
״דער שניי... האָט שוין פֿאַספּייעט צו דערעסן
זינט נאָך סוכּות מיט זײַן א'״, זש, שקלאָווער
קינדער. „אַרויסגעזונגען איר אייביק ליד פֿון
א, און לאַנגוויַליקייט״, ה. ל. זשיטניצקי, 'דעם
זיידנס הײַזל'. „די ייִדישע ליטעראַטור מוז

גובֿר זײַן איר א, און איר איינזײַטיקייט„,
שנ, קריטיק און קריטיקער.
איינטאַנצן — טאַנץ אײַן, ~געטאַנצט. אוטוו
▯-

— אַרײַנטאַנצן. א, פֿון איין צימער אין אַן
אַנדערן. טרוו — אײַנלערנען מיט עמעצן ווי
צו טאַנצן. א, אויך די נײַע טענץ. א, דעם
נײַעם באַלעט. ‟איר קענט ניט טאַנצן? איך וועל
אײַך א'‟. אויך מיט ז י ך. —ונג. ־עניש.
איינטאַסעווען — דזוו אײַנטאַלירן (←).
.
איינטאַסקען — טרוו ־קע אײַן, ,
געטאַס— .
קעט. סל. אײַנשלעפּן, אַרײַנשלעפּן. א, פּעק
מיט פּעק.
איינטאָפּטשען — ־טשע אײַן, ~
געטאָפּ .
טשעט. אוטוו — אַרײַנקומען מיט שווערע
טריט. אַרײַנטרעטן. א, פֿון דרויסן אין שטוב
אַרײַן. טרוו — אײַנטרעטן מיט די פֿיס;
אײַנטראַמבעווען. אײַנטראַמפּלען. א, ליים. „נאָר
פֿריִער האָט מען די ערד גוט אויסגעגלײַכט,
... אײַנגעטאָפּטשעט... אַז זי זאָל זײַן האַרט...
די פּאָרלעך זאָלן קענען טאַנצן‟, אפֿא, איק,
4 1959 III. ־עניש.
איינטאָסיען — טרוו ־פּיע אײַן, ~געטאָפּיעט.
— I

1. אײַנקאָכן. א, היימישן קעז. 2. אײַנשמעלצן. א, ליכט אין קאַרטאָפֿל וואָס דינען ווי לײַכטערס. 3. צעשמעלצן. צעלאָזן. א, געגדזנהויט אויף גריוון.

4. דערטרינקען. א, די הינטעלעך. ◻יג. "... אַזוי ווי זי האָט איר בליק אײַנגעטאָפּיעט אין דעם סטאַוו", אַש, טויט־אורטייל.

אײַנטאָפּן — טרוו. טאָפּ אײַן, ◻ ,געטאָפּט. נעאָל. אַרײַנזעצן, אַרײַנלייגן אין אַ טאָפּ. א, צימער־בלומען. "בײַם א, (ד"ה אַרײַנזעצן אין טאָפּ) פֿאַרקלענערט מען אַ ביסל דעם ערדבאל... גלײַך נאָכן א, טאָר מען בשום־אופֿן ניט אַרײַנטראָגן די בלומען אין צימער", אַגראָנאָם י. ראַטיין, די שענסטע צימער בלומען, קאָווגע 1932.

איינטאַקט — דער, ־ן. דאָס וואָס באַשטייט פֿון איין טאַקט. אַ נודנער ניגון פֿון א'ן.

אײַנטאָקן — טרוו. טאָק אײַן, ~געטאָקט. 1. אײַנשניצן, אײַנשנײַדן מיט אַ דלאָטע, אַ מעסער. א, אַ שטיק האָלץ אויף דער טאָק־מאַשין. א, נומערן אויף שליסלען. א, רינוועלעך אין ברעטער. 2. וואוליונגעריש. אײַנשטעקן. איבערגעבן, אַרײַנגעבן. א, אַ מעסער אין זײַט. א אַ פֿויסט אין האַרץ אַרײַן. "ב'האָב אים

אײַנגעטאָקט אַ פּינפֿערל און פּטור אַן עסק,,.
אײַנטאַקסירן — טרוו. ־סיר אײַן, ~(גע)
טאַקסירט. דזוו טאַקסירן, אויסטאַקסירן (. 245).
א, עמעצן צו צאָלן שטראָף. א, אויף הונדערט
זלאָטעס. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אײנטאַראַבאַניע(ווע)ן — טרוו ־ניע(ווע)
—
.
אײַן, ~געטאַראַבאַניע(ווע)ט.
אײַנבאַראַבאַנעווען. אײַנקלאַפּן. א, אַ מאַרש. א, אַ נײַס
אויפֿן
אויער.
אײנטאָרגעווען — טרוו ־געווע אײַן, ~
גע—
.
טאָרגעוועט. סל. אײַנהאַנדלען. א, סחורה פֿאַרן
אָדער אויפֿן יריד.

אײַנטוליען
אײנטאָרליען — טרוו ־ליע אײַן, ~
געטאָר—
.
ליעט. פּד. אײַנקײַקלען אין שמוץ.
אײַנבּרודיקן. א, די מלבושים. מיט ז י ך.
אײנטאָרמאַזירן — טרוו. ־זיר אײַן, ~(גע)־
־

טאָרמאַזירט. אײַנהאַלטן. אָפּשטעלן
פֿאַרלאַנג.
זאַמען. א, דעם אויטאָ. א, דעם פּראָגרעס, די
אינדוסטר אַליזאַציע פֿיג. א אַ פֿאַרלאַנג. א,
,   .   ׳
געפֿילן. א, די צעלאָזענע יוגנט.
איינטאַרן — טרוו. טאַר אײַן, ~געטאַרט.
.
אײַנשמירן אין טאַר, סמאָלע. א, דאָס שיפֿל.
איינטאַרעווען — טרוו ־רעווע אײַן, ~
גע—   .
טאַרעוועט. 1. דזוו אויסטאַרע(ווע)ן, בּ1. (←
246). 2. (שנײַדעריש) מאַכן גלײַך צוויי טיילן
פֿון אַ מלבוש.
איינטאַשן — טרוו. טאַש אײַן, ~געטאַשט.

טאַלירן, טאַשן קאָרטן און אַרײַננעמען דערבײַ
אַ צאָל קאָרטן וואָס ליגן אין אַ זײַט. א, די
לעזן. א, אויך די אַכטלעך און די זיבּעלעך.
איינט בֿל — [... טויוולען] טובל אײַן,
ען
-
~געטובֿלט. אײַנטוקן, אײַנטונקען. א, די

כלים, מאַכן זיי כשר לפּסח. מיט ז י ך — זיך
א, אין מקווה. ־עניש.
איינטויגן זיך — אוטוו. טויג זיך אײַן, זיך
-
~געטויגט. (זיך געבן די מי און) אַרײַנפּאַסן
זיך אין אַן אַרבעט, אַ געשעפֿט. א, זיך אין
וואַרשטאַט. "ס'איז אַוועק אַ יאָר און דער
איידעם האָט זיך אײַנגעטויגט צום עסק".
איינטויכן — טרוו. טויך אײַן, ~געטויכט.
--.
אַראָפּלאָזן אינגאַנצן אין וואַסער. אײַנטונקען.
▯
,,זי... טויכט אײַן דאָס שיינע פּנים אין
לעבלעכן וואַסער,,, נאַד איבז, אַלטענבערג, ווי איך
זע עס. מיט ז י ך. ־ונג. ־ער.
איינטוישן — טרוו. טויש אײַן, ~געטוישט.
--
פּד. אײַנבײַטן. א, זאַכן אויף עסנוואַרג. א,
אַלט זילבער אויף נײַע זילבערנע כלים. ,,ער איז

▯

געצוואונגען דעריבער אײַנצוטוישן זײַן פֿײַן
צימער, וואָס ער האָט אויף אַ פֿוירנעמער גאַס",

עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע, פּאַריז 1924.

מיט ז י ך. —ונג. ־עכ ן. ־עניש.

אײַנטוליען — טרוו ־ליע איַן, י.,געטוליעט.

—

.

1. אײַנדעקן, אײַנוויקלען אין עפּעס וואָס וואַרעמט. א, דאָס עופֿעלע. א, די קינדער איידער זיי גייען אַרויס אויפֿן פֿראָסט. "ער האָט דאָס קליינע נפֿשל אין טלית אײַנגעטוליעט", יהואָש, אַ יום־כיפּור־מעשׂהלע'. 2. אַרומדעקן. א, דעם

,

אתרוג אין וואַטע. אויך יג. א, אין זיסע רייד.

3. אײַננאָרען, אײַננורען עפּעס וואָס איז וואַרעם, אָנגענעם, ליב. ,,זיצנדיק אַזוי איז ער אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן, דאָס קעפּל אין רחלס שויס אײַנטוליענדיק", יד, א ן נגף.

4. אײַנרואיקן, אײַנשטילן (אַרויסווײַזנדיק ליבשאַפֿט). א, דאָס קינד, עס זאָל ניט וויינען. ,,אַ מאַמע נאָר קען מיטוויינען, א, און אײַנשטילן מיט דעם טיפֿן מיטגעפֿיל,,, בעמ I. "שאַ, שאַ, דער טאַטע האָט נישט קיין צײַט — איז צו מיר צוגעלאָפֿן אַ יידענע מיך א,", א קאַגאַנאָווסקי, 'אונטערן פֿליגל פֿון בית־עלמין'.

מיט ז י ך — א, זיך אין טוך, אין דעקע.

אײַנטומלען

א, זיך אין נעסט. „איך האָב מיך געמוזט
אײַנהילן (אײַנטוליען) אין מײַנעם גראָען
וועגמאַנטל„, אמד, כּ״י. „איך טוליע מיך אײַן,
צורוקנדיק זיך צו דער קליאַטשע און צו וואַרעמען
זיך נעבן איר„, ממום, קליאַטשע „[די ציג]
האָט געפֿונען אַ ביסל גראָכאָווינעס... און האָט
זיך אײַנגעטוליעט דערינען״, ווײַס, 'אַ מעשׂה
מיט אַ ציג'. „איז ליגן דאָרט צעווישן יענע
ביינער, זיך א, מיט לעצטן צער און ווײ„,
סעג, אַ בוים פֿון פּוילן, ב„א 1948 —עכץ.

.

־עניש.

איינטומלען — טרוו. ־מל אײַן, ◌ ,געטומלט.

--

מאַכן עס זאָל ווערן צעטומלט. א, דעם קאָפּ מע
זאָל ניט וויסן וואו מען איז אויף דעו וועלט.
מיט ז י ך. ־עניש.

איינטון — ←אײַנטאָן.

-

איינטונק — דער, ־ען. אַקט פֿון אײַנטונקען

-

(זיך). אַן א, אין קאַלטן באַסיין.
איינטונקלען — טרוו ־קל איַן, ,געטונקלט.
—
.
מאַכן טונקל, טונקעלער. א, דעם זאַל.
אײַנטונקעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). 1.
רעזולטאַט פֿון אײַנטונקען (זיך). ,,דאָס איז ניט
קיין באָדן זיך, ס'איז נאָר בײַ דיר אַזאַ א,
אין וואַסער‟. 2. יעדער מין מאכל, וואָס ביַי
דעם קומט אויס אײַנצוטונקען עפּעס האַרטס
אין אַ פֿליסיקייט. ספּעצ: א) געמיש פֿון
סמעטענע (פֿידסמעטענע, זויערמילך) מיט צוואָרעך
אָדער קעז; בּ) שיטערע געהאַקטע הערינג,
קראַצבאָרשט, מיט חלה.
אײַנטונקען — טרוו. טונק אײַן, ~געטונקען,
--
~געטונקט. 1. האַלטן עפּעס און אַרײַנטאָן

—לתּם בדם, (שמות, יב, 22): ,,און, א
אין אַ ליסיקייט. טוו פֿאַר 'טבֿל'. מ t
פֿאַרטײַטשט ,וטב
איר זאָלט אײַן טונקן,,. א, חלה (לעקעך) אין
בראַנפֿן. א, קאַרטאָפֿל (אַ רעטעכל, אַ האַרט
איי, כּרפּס) אין זאַלצוואַסער. אַ פּאָר מאָל א,
אַ כּלי אין פֿליסיק וואַסער. אום ראָש־השנה א, א

די המוציא אין האָניק. א, אַ דאַר שטיקל בּרויט
אין ליאָק, אין הערינג־ראָסל. א, אַ טיכעלע אין
עסיק און ווישן (רײַבּן) דעם פּלעק. „איר זאָלט א
אײַן טונקן אין דאשׂ בּלוט פֿון שאַף און,
זאָלט שפּרענגן אויף די איבּר טיר“, צאינה,
וואכז אין מיטן עשׂן גהער מן אײַן טי א
נקן
ס/ד. „אוף ייִן שׂרף וואשׂ מן טר נקט אין דר

אַשטוקל [שטיקל] בּרוט אין דעם ייִן שׂרף
בּכדי מזאָל נישט דאַרפֿן אַבּרכה צו מאַכן“,
שלחן ערוד, ח״בּ, זשאָלקעוו? אָנהייבּ 19. י„ה, א
ו/ב. „ווער עס האָט גיפּט געגעסן... זאָל א,
טיכלעך אין מילך און צולייגן אויף דעם
אונטערלײַבּ„, תּעלה ערוכה, לבֿוב 1850. „אין
יענעמס בּיטל א, דאָרט דאָס פֿאַרשמאָלצענע
פֿאַטשיילכן און רײַבּן דערמיט דאָס לײַבּ„,
ממוס, דאָס קליינע מענשעלע.
*ניט א, די האַנט (אַ פֿינגער, די פֿינגער) אין
קאַלט וואַסער = א) קיין זאַך ניט טאָן לטובֿת א

עמעצן; בֿ) אַרומגיין פּוסט־און־פֿאַס. „אָן אים
טונקט מען ניט איַין אַ האַנט אין קאַלט
וואַסער“ [= מע נעמט קיין זאַך ניט אונטער,
מע בֿאַשליסט גאָרנישט], קמ, 43 1867, No. „זי

1161

וועט אַ פֿינגער אין ו ו אַ ר ע מ ע וואַסער
אויך ניט א'„, ג. ח. לעוונער, אַ חתן איבֿער אַ
נאַכט, ווילנע 1898. *א, די ליפּן = דזוו
איַינגעצן די ליפּן, נעמען אַ ביסל משקה. *(ניט) א,
די פּען = (ניט) שרייַבֿן.

2. אַריַינטאָן אין אַ שיטער געמיש, אין אַ
שיטיקן שטאָף. „נעמען נעגעלעך... קאַנפֿער
און אויף דעם געבֿן י“ש חזק (אָקוויט);...
איבֿערדעקן... עס זאָל אַזוי שטיין 2 שעה...
א אַ שטיקל וואַטע און געבֿן אויף דעם צאָן
,

[וואָס טוט וויי]“, א. שפּערלינג, ליקוטים II,
לעמבערג תּרס“ט. „חרדל... מע מאָלט די
גאָרשיצי זייער דין און מע גיסט אַריַין
שטאַרקן עסיק און האָניק און עס שטייט דריַי
טעג, און דאָס איז גוט איַינצוטונקען פֿלייש,

פֿיל בּעסער פֿון בריין“, מע□ה ירושלים, וואַרשע 1882. „האָט זיך געוואַשן, הויך געזאָגט די בּרכה, אײַנגעטונקט די המוציא אין זאַלץ„, אַש, תּהילים־י□ד.

3. אַרײַנשטעקן. אַרײַנרוקן. „דא מעכשׂטו גוט אײַן טונקן אין דער גרובּ„, סהמ, איובֿ, ט, 31. „איבּ ער, דער טאָג, האָט דיך געהאַט פֿאַרלאָזט אויף גאָטס בּאַראָט„... אין זײַן פֿאַרגרוילטן אָוונט־אַש דײַן קאָפּ טונק אײַן„, הל, בּלאַט... עפּלבּויס.

4. ספּעצ. בּײַם ציִען ליכט אַרײַנטאָן קנויטן אין צעלאָזענעם חלבֿ אָדער וואַקס.

מיט ז י ו — אײַננעצן זיך. א, זיך אין ים. „זיי טונקען זיך אײַן אין בּרענענדיקן טײַך וואָס ער הייסט נהר דינור„, משה אַהרן גליקמאַן, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898.

־עניש. ־ער — ספּעצ ליכטציִער. ־ערײַ. ייִנטופּע(ווע)ן זיך — אוטוו. ־פּע(ווע) זיך ־

אײַן, זיך ~געטופֿע(ווע)ט. פּפֿ: ~טופּענען זיך. ti□□I]□I□ו:□□□<. לר. זאַמעט. אײַנבּייגן זיך. א, זיך און זיך אײַנקאָרטשען.

ייִנטופּען — אוטוו & טרוו. ־פּע אײַן, ~

גע־־
טופּעט. אײַנטרעטן. אײַנטאָפּטשען. א, ליים
מיט די □יס.
ייִנטוקן — טרוו. טוק אײַן, ~געטוקט.
־־
דזוו אײַנטונקען. ספּעצ א, ז י ך אין מקווה =
אונטערטוקן זיך. ־ער, מאַרק ווב.
ייִנטוקען — טרוו. ־קע אײַן, □...,געטוקעט.
־־
1. דזוו אײַנסטוקען. אײַנקלאַפּן. א, אַ שטאַנג
אין דער ערד. 2. אײַנבוכצען. א, די ביינער.
ייִנטושען — טרוו. ־שע אײַן, ~געטושעט.
־־
סל. 1. אײַנלעשן. א, אַ פּאָזשאַר (שׂריפֿה).
2. אײַנדעמפּן. א, פֿלייש. „דערנאָך נעמט מען
רינדערן פֿלייש... מע לייגט עס אַרײַן אין אַ
גרויסן טאָפּ אינאיינעם מיט די ציבעלעס, מיט
רײַז און מיט קישמיש... אַלץ זאָל זיך גוט
א'. אַז מע נעמט שפּעטער אַרויס דעם פּלאָוו,
איז...“, חג, טמז, 12 1968 □I. ־עכץ.
ייִנטושקעווען — טרוו ־קעווע אײַן, ~
גע□־
טושקעוועט. פּפּ: ~טישקעווען.: □ □<

□[□Ba□ □ □[□]□[□]][,.. אוקר. 1. דזוו אײַנטושען,
בּ2. 2. אײַנוויקלען אינגאַנצן, פֿון אַלע זײַטן.
א, דעם קראַנקן, ער זאָל שוויצן.

אײַנטײַטשן

אײַנטיאָפּקען — דזוו אײַנטאָפּטשען. „די קערנדלעך... ווערן ניט אײַנגעטיאָפּקעט אין באָדן„, יאַכ I.
אײַנטיטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~ געטיטשעט. אײַנשטעכן, אַרײַנשטעכן, אײַנרוקן, אַרײַנרוקן. א, עמעצן אין די אויגן זײַן טעות (פֿעלער אע). א אַ פֿינגער אין די אויגן. א,
,
די אויגן אין עמעצן. מיט ז י ך — „אַלעמענס אויגן האָבן זיך אײַנגעטיטשעט צום סאַמע מיטן“, ווײַס, ,מזל־טובֿ'. ־עניש.
איינטייטלען
— ־טל אײַן, ~געטײַטלט.
- --
אוטוו — אָנווײַזן (מיטן פֿינגער). א, א ו י פֿ ן פֿאַרבֿרעכער. טרוו — 1. דזוו אוטוו. א, דאָס אָרט פֿון פֿאַרבֿרעכן. 2 פֿירן מיט אַ טײַטל
.
(פֿינגער) און אָנווײַזן (וואָס דורכצולייענען). א, די טעותי־הדפּוס. א, יעדער וואָרט פֿון פּסוק. 3. דזוו אײַנטײַטשן. א, דעם פּסוק.

איינטייטן — טרוו. טײַט אײַן, ~געטײַט. דזוו
- --
אײַנדײַטן. אײַנווײַזן מיט באַשטימטקייט;
אידענטיפֿיצירן. „.... און, ווייסט און, אײַן טײַט
[תּי: „טײַטלט„] מיט זײַנע פֿינגער אייטל ש[אַ]
לק[האַ]פֿטיקייט און, ערמות“, סהמ, משלי, ו, 13.
איינטייטשיק — אדי. 1. וואָס האָט נאָר

-

--

איין טײַטש. וואָס קען פֿאַרשטאַנען ווערן נאָר
אויף איין אופֿן. א'ער אויספֿיר. „אין אַ שפּראַך
וואָס פֿאַרמאָגט נאָר צוויי מיני טראַפֿן,
אַקצענטירטע און ניט־אַקצענטירטע, איז די ריטמישע
סטרוקטור פֿון גראַם אַ קלאָרע און אַן א'ע“,
מוו, ייִשפּ 2 .X, 4. וואָס האָט נאָר איין
באַטײַט, איין ווערט. א'ע פֿונקציע —יקייט.

.

איינטייטשן — טרוו. טײַטש אײַן, ~
גע־ -
טײַטשט. 1. דערקלערן גענוי, אויסטײַטשן
מיט אַלע פּרטים. פֿינקטלעך איבערזעצן. א,
דעם פּסוק וואָרט פֿאַר וואָרט. „זיי האָבן אַ סך

ווערטער און באַגריפֿן ניט געדאַרפֿט א,
פֿאַר,
לאָזנדיק זיך דערויף אַז דאָס ווייסן די לייענער
אַליין,,, פּיעט.
2. מסביר זײַן ביזן סוף. אויפֿקלערן. ,,איר
געדענקט דאָך מסתּמא... ווי איך האָב אײַך
אַנומלטן אײַנגעטײַטשט די פּרשה לך־לך מיט
אַלע ל״ב פּירושים“, שע, טבֿיה. “... צו דעם
ענין וועל איך אײַך ברענגען אַ מעשׂהלע פֿון
רבּה בר בר חנא אין דער גמרא בבֿא בתרא
און עס אײַך א, נאָך מײַן פֿאַרשטאַנד נאָך“,
הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו
.1934
3. צוגעבן אַן אייגענעם פּשט. אַרײַנגעבן אַן
אָריגינעלן אויסטײַטש. א אַ שיטה, טעאָריע.

,

א, די זאַך מיט אַן אייגענעם דריי. □קען דאָך
קיין צווייפֿל ניט זײַן אַז דער אמתער פּשט פֿון
פּסוק איז דווקא ווי די חז,,ל האָבן אים
אײַנגעטײַטשט“, ש. צ. זעצער'... דיני ממונות און
דיני נ□שות, נ״י 1934.
מיט ז י ך — “אַז מיר האָבן געלייענט אין
חדר אַ משנה... האָבן מיר זיך באַלד

איַנגעטײַטשט: אַט אַזאַ ווי...,,, זלמן שזר, טמז, 29 4 19 XI.

איינטייטש ־ונג — "ניט בלויז

ליטע

-

. — —

ראַטור־קריטישע סבָרות שטערן אונדז

אָנצונעאיינטײַטשעוודיק

מען [זײַן]... א, ווי אַ היסטאָרישע השערה",

זק, ייִבל 7 ,XIII־8. ־עכ ן. —עניש. ־ער.

־ערײַ.

איינטייטשעוודיק — אַדי. וואָס מע קען

-

(אויס)טײַטשן נאָר אויף איין אופֿן. ,,אָבער צו

ד אַלע מעלות דאַרף דער טיטל אויך זײַן

י

קלאָר און א"", אאר, ייִשפּ 1 ,)(vII. ־יקייט.

איינטייטשעוודיק — אַדי. וואָס מע קען

-- -

טײַטשן, אײַנטײַטשן. א'ער פּסוק. ־יקייט.

איינטייטשעריש — אַדי. וואָס איז לויטן
- -
גאַנג פֿון אַן אײַנטײַטשער. א'ע פּשטלעך.
־קייט.
איינטייל — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזול־־
טאַט פֿון אײַנטיילן. אויך דזוו אײַנטיילונג.
2 פֿטמ דזוו אָנטייל. נ ע מ ע ן א, — זיך
בּאַ.
טייליקן. נעמען (אַן) א, אין דער אַרבּעט (אין
דער מלחמה, אין געשעפֿט, אין פֿאַרמעסט).
א'־נ ע מ ע ר.
איינטיילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
.
רעזולטאַט פֿון אײַנטיילן. חלוקה. אַ יושרדיקע
א'. א, פֿון דער אַרבּעט. א, פֿון פּראָדוקטן.
,,אין בּודזשעט... איז ניט דײַטלעך
אַרויסגעשריבּן די א'“, קמ, 14 1865, No. ,,בּאַדאַרפֿן
מיר דאָ נאָך אַ צווייטע א', וועמען זאָל געהערן
די, שטעט און ווועמען יע'נע שטעט“, ממוט,
'נשׂר ים'.
2. קלאַסיפֿיצירונג. אויסס‏דרונג. דאָס גרופּירן
לויט אַ געוויסן פּרינציפּ. ,,און יהושע האָט עס
געגעבּן פֿאַר אַ נחלה צו ישׂראל לויט זייערע

א'ען נאָך זייערע שבֿטים", תּי, יהושע, יא, 23.
"אַפּילו דער קאַטאָליציזם, וואָס לייקנט אין
עצם די א, אין פֿעלקער... אַפֿילו ער האָט
בײַ יעדן פֿאָלק אַ באַזונדער אויסזען", זשיט II,
נ"י 1912. "עס קאָנען זײַן פֿאַרשיידענע
מיינונגען וועגן דעם, צי איז אַזאַ... א, לויט
דער סבֿיבֿה... די בעסטע", שנ, שלום אַש.
„די א, פֿון וויסן אין דרײַ פֿאַזן: חכמה, בינה,
דעת — איז אַ יסוד־היסדדדת אין חכמת
הנסתּר", הר״ י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'דרשה', תּשכ"ב.
איינטייליק — אַדי. 1. וואָס האָט (באַשטייט)
נאָר (פֿון) איין טייל. 2. איינזוימענטייליק. א'ע
געוויקסן. „דערקלערט פֿאַרוואָס ווערן אַזעלכע
זוימען ווי פֿאַסאָליע, אַרבעס אָנגערופֿן
צווייטייליקע און אַזעלכע ווי ווייץ, קאָרן, גערשטן —
א'ע„, יאַכ 3 .I. וואָס מע קען (דאַרף) ניט
צעטיילן. א'ע קאָנסטרוקציע. א'ע אינטאָנאַציע.
—יקייט.
איינטייליק — אַדי. נעאַל. וואָס מע קען

אײַנטיילן. אַן א'ע ירושה. ־יקייט.
אײַנטיילן — טרוו. טייל אײַן, ~געטיילט.
-
1. (מאַט) דורכפֿירן דעם אַקט פֿון טיילן.

,,ווען מיר עטוואז נאָך דער וואָרציל ציהונג
איבּר בּלייַבּט, וויא מיך פַּר האלטין זאַל זולכשׂ
גנויאר איַין צו טיילין‘‘, מ. ז. איידליץ, מלאכת
מחשבֿת, פּראָג תקל‘‘ה. (שפּאַסיק) ,,א, פֿינף
קאַטשקעס אויף גלײַכע חלקים צווישן די זיבּן
כּײַם טיש: מאַן און פֿרוי — איין קאַטשקע,

1162

בּיידע זין — איינע, בּיידע טעכטער — איינע,
דעם אורח דעם טיילער — צוויי‘‘, פֿרש.
2 פֿונאַנדערטיילן, צעטיילן אַ סכום אויף
.
חלקים צווישן אַ גרופּע. א, יעדערן אַ גלײַכן
חלק. א, דאָס בּרויט (דעם פּאַיאָק) אויף דרײַ
מאָל עסן. אויך: א, שמיץ. א, אַלעמען (פֿון)
דעם אַפֿיקומן. א, על־פּי גורל. ,,איר זאָלט אַזוי
גוט און פֿרום זײַן דאָס מזומן א, סאַנטינער
אָרעמעלײַט‘‘, בּ זילבּערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן
II, קעשענעוו 1885. ,,דער בּעל־הבּית נעמט אַ
טעלער כריין און טיילט איַין יעדן אַ שפּאָר
בּיסל כריין‘‘, א. בּערגמאַן, קאָצקער מעמtיות,
וואַרשע 1929.

3 פֿונאַנדערטיילן אַ שטח. א, די פּלעצער.

.

„וואו אַ בלאָטע, וואו אַ זאַמד — דאָס האָבן
די פּריצים אונדז איינגעטיילט און זיך געלאָזן
די בעסערע ערד“, די מעע)ה פֿון פֿיער ברידער,
וואַרשע 1906. „אויף דריי פֿאַכן האָט גאָט
איינגעטיילט זיין ריזיק וועלט־טעאַטער“, נאַד.
4 פֿונאַנדערטיילן אַן אָפּשניט פֿון צייט. א,

.

דעם מעת־לעת אויף דריי גלייכע חלקים: פֿאַר
ארבעט פֿאַר רו פֿאַר כלערליי אינטערעסן.

—

, ,

א, די לערן־שעהן פֿאַר די באַזונדערע לימודים.
„דער בן־אָדם גיהער זיין יאַרן איין צו טיילן
אויף דרייא חלקים“, עיון, נב/ב. 5.
איינשטעלן אַ סיסטעם (ביי אַן אַרבעט). אָנווייזן וואָס
מע דאַרף טאָן. א, די קאָמפּליצירטע אַרבעט
צווישן פֿאַכליט.
6. איינשטעלן אַ סדר. גרופּירן.
קאַטעגאָריזירן. קלאַסיפֿיצירן. א, געוויקסן, בעלי־חיים
אין משפּחות, מינים אע. „איך האָב מיך
גענומען געשמאַק צו דער 'קליאַטשע', זי
צונויפֿגעשטעלט ווי עס געהער צו זיין, איינגעטיילט
זי אין קאַפּיטלעך און איטלעכס קאַפּיטל אַ

נאַמען געגעבן ווי אים פּאַסט,,, ממוס, קליאַטשע. ,,די אַלע תּקנות פֿון די אַחרונים וועגן א, די קדיש־זאָגערס אין פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס האָבן ווייניק־וואָס געהאָלפֿן“, יע, דאַוונען, ז, 29.

7. געבן. שענקען. צוטיילן עפּעס גוטס. א, כּיבודים. א, כּבֿוד. ,,און האשׂט דעם מענטשן אײַן געטיילט פֿון גשטאַלט דײַנער הייליקייט“, תּחינות ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798], כא/ב. ,,ער לאָז אונדז א, גוטס טאַקע נאָר“, ממוס, זמירות. אויך אוטוו. ,,טיילט מיר אויך עטוואָס אײַן צום עסן,,, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. ,,אָ, עשׂו, בּאָרג דײַן כּוח מיר, און זעסטו, כ'מאַך אַ פּשרה: דיר האָט אײַנגעטיילט דער בּורא מיט גבֿורה אָן עין־הרע,,, יהואָש, 'צו עשׂון'.

8. צוטיילן. איבערגעבן אונטער עמעצנס רשות פֿירערשאַפֿט, השפּעה. ,,מדינת ליטא

,

ורוסיא הלבֿנה (פֿלכי מאָהילעוו און וויטעבסק) [האָט מען] אײַנגעטיילט דעם אַלטן רבּין“, לדבֿ, נ״י תּשי״ז, קמא.

9. איר בּ. געבן, שענקען, צוטיילן עפּעס

שלעכטס. באַשטראָפֿן (מיט מוסר־רייד, שמיץ אע). א, יסורים, צרות, געבּרענטע לײַד. א,

אײַנט□ען

קלעפּ (בּוכצעס אע), מלקות. א, די אמתע פּאָרציע. א, אַ פּאָרציע אַז ס'זאָל ווערן פֿינצטער פֿאַר די אויגן. „גאָט האָט גענוג צרות אײַנצוטיילן... וואַרפֿט יעדערן אַראָפּ זײַן פֿעקל“, בּ. בּעקערמאַנן, זבּ, װער יודישעך שפּיעגעל, וואַרשע □189, שפּ, 83. „איז געוואָר געוואָרן מײַן בּרודער אליה, האָט ער מיר געוואָלט א, פֿאַר די 'מענטשעלעך', ווי זײַן שטייגער איז„, שע, מאָטל. „געזעסן אויף דער בּריטשקע און אײַנגעטיילט מײַן פֿערדל... וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן“, שע, ט□יה.

מיט ז י ך — א, זיך אויף מינים. א, זיך אין פֿאַרשיידענע מדרגות. א, זיך מיט רווח (גניבֿה, שוחד אאַזוו). *ניט קענען זיך א, מיט דער ירושה = אויך: ניט קענען דורכקומען צווישן זיך. אָפֿט געניצט איר. “מע קריגט זיך איבּער גאָרניט, מע קען זיך ניט א, מיט די שמאַטעס„.

־עכץ. ־עניש — „קומט דער טאָג, הייבט
זיך אָן אַן א': דעם אַ קרענק, דעם קדחת,
דעם אַ מכּה", שע, איַזנבּאַן־געשיכטעס. ־ער
(־ין, —קע). ־ערײַ.
איַנטיילעוודיק — אַדי. וואָס מע קען
(לאָזט זיך) איַנטיילן. אַן א'ער סכום. „ס'איז
ניט קיין א'ער כּבֿוד„ —יקייט.
.
איינטיילעריש — אַדי. וואָס איז לויט דער
--
טבֿע (לויטן גאַנג) פֿון אַן איַנטיילער. מיט אַן
א'ן ישובֿ־הדעת.
איינטייסע(נע)ן — טרוו ־סע איַן, ~
גע— —
.
טײַסעט. לר i aisy : <. אַרײַנשטעלן.
אַרײַנפּאַסן. א, די לעקלעך אין צאַם ־עניש.
— —
.
איַנטײַען — אוטוו & טרוו. טײַע איַן, ~
געטײַעט. 1. צעגיין. איַנשמעלצן, צעשמעלצן.
"דער שניי אונטן איז געוואָרן געלבּלעך,
גענומען א'", חג, טמז, l9 III l965. די זון טײַעט
איַן די לעצטע רעשטן שניי. 2. איַנגיין.
איַנדאַרן, איַנצערן. נאָך דער קראַנקייט האָט
ער גענומען א, ווי אַ ליכט. 3. באַהאַלטן.

פֿאַררוקן אין אַ זײַט. א, די פּאָרציע ברויט.
מיט ז י ך.
אײַנטיכלען — טרוו. ־כל אײַן, ~געטיכלט.
אײַנוויקלען אין אַ טיכל, אין טיכלעך. א, די
בלויזע האָר. אויך מיט ז י ך — זיך א, אין
דער באַבעס פֿאַטשיילע.
אײַנטיכעמירען — טרוו. ־רע אײַן, ~
געטיכעמירעט. ▯]▯ו▯]ק]▯]O▯n]▯ד:▯ ▯>. סל אוקר.
אײַנשטילן, באַרואיקן. צוימען. א, דעם נאַראָד.
,,אין זײַן לעבן האָט ער ניט איין טײַך
אײַנגעטיכעמירעט,,, א. גובניצקי, סאָוו, היימלאַנד,
3 1961, No. מיט ז י ך — ,,דאָס מיל־
געקלאָפּער וועט זיך א'", מס, קהלת תקע"ט, יב, 4.

--
איינטינוסן — [... טינעפֿן] טרוו. טינוף אײַן,
-
~געטינופֿט. אײַנשמירן אין טינוף.
אײַנברודיקן. אײַנחזירן. א, די קאַפּאָטע. מיט ז י ך —
זיך א, דעם גוטן נאָמען.
איינט▯ען — טרוו. טיִע אײַן, ~געטיִעט. סל.
--
וורר. געבן אַ סך צו עסן. אויספּאַשען. מאַכן

פֿעט, געזונט. „אַקוראַט ווען מע דאַרף א, די

איינטיפּיק

קינדער, דאַרפֿן זיי גאָר זײַן אין דער פֿרעמד„,
רייד (באָבּרויסק). ־עניש.
איינטיפּיק — אַדי. וואָס איז נאָר פֿון (מיט)
איין טיפּ. איינמיניק, גלײַכמיניק. איינהייטלעך.
אַן א'ער ראָמאַן. א'ע בּילדער —יקייט.
.

-
איינטיסן — טרוו. טיף אײַן, ~געטיפֿט.

1. מאַכן טיף, טיפֿער. א אַ קאַרבּ אין האָלץ.

,
א אַ גרובּ, אַ גראָבן. א, דעם טײַך פֿאַר די

,
שווערע בּערלינקעס. 2. אײַנבּײַסן. אײַנקאַרבּן.
אײַנקריצן. „איצט טיפֿט ער אײַן די צייכנס
אַלע אין דײַן בּלוט", הל. 3. אײַנדרינגען.
אַרײַנדרינגען. „שׂרהלע האָט זיך צו פֿריידקען

צוגעטוליעט און מיט דער האַנט זי
אַרומגענומען, אײַנטיפֿנדיק דאָס געזיכט אין איר,,,
ווײַס III, 'אַ וואַלד־מיידל'. מיט ז י ך — א,
זיך אין דער (סוגיא פֿון דער) גמרא. ,,קיינמאָל
נישט אײַנגעטיפֿט זיך אויג־און־אויער אין די
שטערן,,, מלך ראַוויטש, 67 לידער. ־ונג.
־עכן. ־עניש.
איינטישען — טרוו. ־שע אײַן, י.,געטישעט.
--
סל. אײַנשטילן, באַרואיקן. א, אַ קינד. ״פֿון
שרעק האָבן זיך שטאַרק צעשריִען די קינדער...
געמאַכט גוואַלדן... זי האָט... גענומען
טוליען זיי צו זיך. א, זיי,,, מאָטיע דעכטיאַר,
בויער, מינסק 1936.
איינטישקעווען — דזוו אײַנטושקעווען. אויך:
אײַנטוליען, אײַנדעקן. אײַנשטילן.
איינטל — דאָס, ־עך. 1. איינס (אין אַ גרופּע,
אין אַ סכום באַגריפֿן). באַטראַכטן יעדער א,
באַזונדער. 2. קאָרט וואָס באַטרעפֿט איין
אויג. א'עך, צווייטלעך, דריטלעך.
Mhd: ein-(et-) אַדוו. — איינטמאָל
1 פֿm. איינמאָל. אַמאָל, אַנוסטן. ,,א, איז דער

מלמד פֿון תּלמוד־תּורה... צוגעגאַנגען... און

-

אַ סרעג געטאָן דעם וואַסערטרעגער,,, ז. שזר, א
טמז, 4 XII 19 .
אײַנטעותן זיך — [... טאָעסן] אוטוו. טעות
זיך אײַן, זיך ~געטעותט. זיך צוגעוואוינען א
(זיך אײַנלעבן) צו (אין) אַ טעות אָדער טעותן.
א, זיך און שטענדיק פֿאַלש אַרויסזאָגן ,בוימער',
'נויטיק, אע.
איינטעכערן — ־ער אײַן, ~געטעכערט. א
-
אוקר. אוטוו — אײַנשטעלן. אײַנפּלאַנירן. א,
צו קומען אַהיים אויף פּסח. טרוו —
אײַנטיילן. א, די סחורה אויף צוויי מלבושימלעך.
איינטעמפּן — טרוו. טעמפּ אײַן, ~געטעמפּט. א
--
1. אַ ביסל אָדער אינגאַנצן מאַכן טעמפּ,
שטומפּיק. א, אַ מעסער. 2. מאַכן אומפֿעאיקער.
מאַכן פֿאַרגרעבט. א אַ שאַרפֿן קאָפּ. (
געוויינ,

-

טלעך אין פּאַסיוו) אײַנגעטעמפּט ווערן פֿון
שווערער פּראַצע. 3. קוקן מיט אַ טעמפּן
בליק. „האָט דער אוראַדניק אײַנגעטעמפּט זײַן
בליק אויף די... קנעפּ פֿון עזראַס...
קורטקע„, פּמ, דאָר אויס — דאָר אײַן, כאַרקאָוו
1929. מיט ז י ך. —ונג. ־עניש.
אײַנטענהן — [... טײַנען] אוטוו. טענה אײַן,
.
~געטענהט. 1. באַמיִען זיך איבעררעדן.

1163

פּרוּוון מיט רייד צו געווינען עמעצן פֿאַר עפּעס,
צוליב עפּעס. א, מ י ט עמעצן אַז ער זאָל...
א, מיט גוטן און מיט בייזן. א, ביז מע פּועלט.
„וויפֿל רייד מיר האָבן אײַנגעטענהט, קיין ענד
האָבן מיר בײדע ניט געבראַכט„, פֿל. „ער קען
ניט א'", מייִ, טענדלאַו 173 = קען ניט אַרויס
ברענגען זײַן שטעלונג, מיינונג. "ער האָט
אָנגענומען זײַן בערדל און נאָך שטאַרקער
אָנגעהויבן א, מיט ר, שלומען„, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. „בײַ אונדז איז געבליבן אַז איך זאָל דעם

דאָקטער רופֿן צו זיך און א, מיט אים,,, לדבֿ, נ,,י תּשי,,ז.

2. קומען מיט תּבֿיעות, מיט מאָנעניש. אַרויסבּרענגען דעם אייגענעם צד פֿאַר אַ ריכטער. בּעטן זיך און א,, ער זאָל אים בּאַצאָלן. ,,דוא זאָלשׂט מיט דרײַא צו גלײַך ניט צו משפּט טענין אײַן,,, עיון, ג/ב.

3. אַרגומענטירן פֿירן אַ וויכּוח, דיסקוטירן.

.

זיך קליגן און א, מיטן קעגנער. ,,דאָך האָט ער ניט דאָרט מיט וועמען אײַנצוטענהן, ווײַל, לויט אים, איז קיינער דאָרט ניטאָ'', אַל II, 'איובֿ אין די קעטסקילס'. ,,בּכדי צו פֿאַרשפּאָרן איטלעכן בּאַזונדער אין שטעטל עס צו וויסן געבֿן, מיט איטלעכן בּאַזונדער אײַנצוטענהן, נעם איך...'', ממוס, שלמה. ''יעדער מענטש, האָט ער מיט מיר אײַנגעטענהט, קאָן און דאַרף גלייבּן אין אַוועלכן גאָט ער וויל,,, א. שעכטמאַן, ערבֿ. ,,איז אויסגעקומען אײַנצוטענהן אַז עס מוז זײַן אויף ייִדיש כאָטש איין אויסגאַבּע פֿאַר... שפּראַך־ענינים,,, ימ, ייִשפּ XXIII, 2. מיט ז י ך — ''ס'האָט יעקע בּאָק אַהער אים ניט פֿאַרנאַרט — האָט ער אַליין מיט ערבֿ־מיתהדיקן שטאָלץ זיך אײַנגעטענהט,,, פּמ, מלחמה.

־ניש — „אָבער די קירכלעכע דרשות און א'ן
האָבן די ייִדן ווינציק וואָס געאַרט...“, זק,
איבֿז, שד I. ~טענה'(ע)ר.
ייִנטענהריש — אַדי. נעאָל. וואָס עס איז

-
-
ווי דער שטייגער פֿון דעם וואָס טענהט אײַן.
א'ע רייד, אַרגומענטן.
ייִנטענטלען — טרוו. ־טל אײַן, ~

געטענטלט. אײַנשרײַבן, אַרײַנשרײַבן אויף גיך,
שלעכט, פֿאַרפּאַטשקעט. א, אין העפֿט די
היימאַרבעט.
ייִנטערכע(נע)ן — טרוו ־כע אײַן, ~
גע—
טערכעט. אײַנשמירן, אײַנפֿאַטשקען. א, אַ
בויגן פּאַפּיר. „אַ מאַליער זײַט איר? זעט ווי
איר האָט אײַנגעטערכעט די וואַנט!“.
ייִנטראָג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנטראָגן. אַן אײַליקער א'. דער א,
אין קאַסע־בוך. 2. הכנסה, רווח. „האָבן זיי

[דעם גראַף] קיין צינז געצאָלט און קיין
אָפּגאָבן, און ער האָט קיין שום א, געהאַט“,
ר, יעקבֿ מדובנא, משלי חכמה, ווילנע תּר“ן.
,,ועט דער קיניג זאָגן, ער וועט האָבן היזק
פֿון דעם א, פֿון פּאָדאַטקעס וואָס זיי גיבן,,,
נוצ, ווילנא והוראדנא 1834. ,,מע נאַראַיעט
אונדז צו קויפֿן אַ נחלה פֿון אַכט טויזנט רובל,
וואָס קען האָבן א, געוויסע טויזנט רובל אַ יאָר,,,
ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887, ז, 94.

אײַנטראָגן

3. גערעטעניש. ,,מעשׂרן זאָלסטו מעשׂרן דעם
גאַנצן א, פֿון דײַן זריעה,,, תּי, דבֿרים, יד, 22.
אײַנטראָגבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס
בּרענגט אָדער קען בּרענגען רווח. □. דווו.
אײַ'נטראָגיק — אַדי. נעאָל. רווחדיק. וואָס
בּרענגט אַרײַן פֿאַרדינסט. א'ע געשעפֿטן.
־יקייט.
אײַ'נטראָגלעד — אַדי. פּפֿ: ~טרעגלעך.
וואָס בּרענגט אָדער קען בּרענגען אַן אײַנטראָג,
אַ רווח. וואָס איז גורם הכנסה. ,,און ער האָט
זיך גענומען צו אַן אַנדער 'געשעפֿט, און דווקא
אַ גוטן, א□־נטרעגלעכן געשעפֿט“, יהל, די

ערשטע ליבע, וואַרשע 1881 ־קייט
פֿאַרגרע. —.
סערן די א, פֿון מסחר. „צאָלט אַ גאַנץ קליינעם
שטײַער אין פֿאַרגלײַך מיט דער צאָל
אײַנטרעגלעכקייט פֿון זײַנע גיטער‚„ 'בונד', וואָס
וויללען די סאָציאַלדעמאָקראַטען אין רוססלאַנד,
זשענעוו 1900.
אײַנטראָגן — טרוו. טראָג אײַן, ~געטראָגן.
1. אַרײַנטראָגן, ברענגען פֿון ערגעץ אין דעם
אינעווייניק. א, האָלץ פֿון הויף אין שטוב
אַרײַן. 2. צונויפֿטראָגן, צוזאַמענברענגען. א,
זאַכן אין איין קופּע.
3. טראָגן (אַ מלבוש) אַ געוויסע צײַט און
מאַכן באַקוועם. זיך צוגעוואוינען צו דעם וואָס
מע טראָגט. א, אַ פּאָר (ענגע) שיך. א, די
קאָרטענע הויזן. א, די אומבאַקוועמע ברילן. „דער
רבונו־של־עולם האָט מיר צוגעשיקט דאָס אמתע
פעקל. נו, איך האָב עס אײַנגעטראָגן‚„.
4. אײַנצאָלן (ווי אַ חובֿ, באַשטײַערונג אע).
א, אויף מעות־חטים, הכנסת־כלה. 5.
אַרײַנברענגען הכנסה פֿאַרדינען. „צו וואָס זאָלסטו
.
אונדז קוועלן און פּלאָגן, דאָס ווערט דיר דאָך
גאָרניט א'‚„ מכירת יוסף שפּיל, לעמבערג 1876.

... כדי אַז איר זאָלט האָבן אַ קרן וואָס ער וואָל אײַך עפּעס א'... דורך אַ קליינעם עסק", שבֿחי האַר"י, [קעניגסבערג] יאָר? "אײַערע שעפֿעלעך וואָס איר שעכט זיי, אײַערע שעפֿעלעך וואָס טראָגן אײַך אַזוי פֿיל אײַן", ממוס, טאַקסע.

6. ברענגען עפּעס אַ נוצן. טאָן עפּעס וואָס וועט א, כּבֿוד. „ער טיילט ערבֿ פּסח קאַרטאָפֿל, דאַמיט עס זאָל דערמיט לאַרעמען אין אַלע גאַסן, און דאָס טראָגט אים אײַן בד„י ובד„א„, אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868.

7. אײַנשרײַבן אין אַן אָפֿיציעל בוך, אין אַ פּראָטאָקאָל. פֿאַרנאָטירן, פֿאַרשרײַבן. „דא ליז דער מלך זיא [בּגתן ותרש] הענגין אונ, דאש פֿעליג מעשׂה אין זייער בוך לוזין אין טראגין", ה II, ז/ב. „דאָרט [אין בוך] ווערן אײַנגעטראָגן אַלע דיפּלאָמאַטישע אַקטן„, קמ, 41 1863' No. „איך פֿאַרהאָף אַז די צען רובל וועלכע ער האָט גענומען וועט איר א'„, י. ד. טאָיבּ, דער קדיש..., ווילנע תּרמ„ט. „דער פּראָפֿעסאָר [= לערער] האָט אײַנגעטראָגן דעם שילער אין קלאַסנבוך פֿאַר וואָיעוועװן און די לערער־קאָנפֿערענץ האָט אים באַשטראָפֿט אויפֿן סמך פֿון דער אײַנטראַגונג", רייד (טשערנאָוויץ).

אויך מיט ז י ו — „ווי אַ נײַער אָנצוג, ווי

אײַנטראָגעוודיק

גוט ער זאָל ניט זיצן, מוז ער זיך א'„, זש,
טמז, 24 5 19 X.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איינטראָגעוודיק — אַדי. וואָס טראָגט אײַן
--
(הכנסה, רווח, נוצן), קויפֿן א'ע אַקציעס.
—יקייט.
אײַנטראָט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אײַנטרעטן. 2. דזוו אײַנטריט (←).
אײַנטראַטוועז — טרוו. ־ווע אײַן, ~
געטראַטוועט. (שוסטערײַ) אײַנניייען מיט
טראַטווע. ← אײַנדראַט(ע)וועז. פֿרגל
אײַנטראַטעוועז.
אײַנטראַטעוועז— טרוו. ־טעווע אײַן, י.„
געטראַטעוועט. פּפֿ: ~דראַטעוועז. ־ra : <
a יo . אײַנשמוצן, אײַנבֿרודיקן. א, אַלץ וואָס
מע טראָגט אויף זיך.
איינטראַכט — דער, ־ן. איינשטימיקייט.

מצבֿ פֿון מסכּים זײַן. „מלכים און נאַציאָנען זײַנען געקומען בּאַערן די אָנשטרענגונגען... גלײַך זיי ווילן דערמיט געבּן אַ גאַראַנטיע אויף שלום און א'„ קמ, 26 1867, No. „און זיי לעבּן זיך... בּיידע גליקלעך אין ליבּע און אין א', ווי אַ פּאָר טײַבּעלעך“, מ. יודעלסאָהן, דער שמיד לס דאָקטאָר, ווילנע 1927.

איינטראַכט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזול ־
טאַט פֿון אײַנטראַכטן (זיך). אַ ניצלעכער א'.

איינטראַכטלעך — אַדי. וואָס איז אויף (לויט) איין אופֿן טראַכטן. וואָס איז בּהסכּם כּולם. א'ע אַרגומענטן.

אײַנטראַכטן — אוטוו & טרוו. טראַכט אײַן, „געטראַכט. 1. אַרײַנקלערן. דורכטראַכטן, מעדיטירן. זיך פֿאַרטיפֿן אין טראַכטן. א אַן

,

ענין פֿון אַלע זײַטן. א, א י ן אַן ענין. טראַכטן און א, און ניט קומען צו קיין אויספֿיר.
2. אויסטראַכטן. אײַנגעפֿינען. א אַן אויסוועג;

,

א אַ המצאה.

'

געווײנלעך מיט ז י ך — „נאָר אַז איך האָבֿ זיך גענומען א', האָבֿ איך אויף אים מלמד זכות געווען", יק. "צי וועט זיך דער ייִדישער אַקטיאָר קאָנען א', אײַנפֿילן און איבערגעבן די זאַך?", פּרץ, ליטעראַטור און לעבן. „גלייבן געווײנלעך אין זיי, ניט א'דיק זיך„, ל. גאָלדבערג איבז, בּ. זשוקאָוו, די אָפּשטאַמונג פֿון מענטשן, מאָסקווע 1925. "כּדי צו מעדיטירן (זיך אײַנצוטראַכטן) וועגן די העכסטע ענינים", טמז, 22 1 □ l9 XI.

—ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

איינטראַכטעריש — אַדי. וואָס איז

כאַראַק□־

טעריסטיש פֿאַר דעם וואָס טראַכט זיך אײַן.

א'ע ספֿקות. א'ע פֿאַרטיפֿונג ־קייט.

.

איינטראַכקען — ← אײַנטראַסקען.

□־

איינטראָמאַס(ק)ען — טרוו ־ס(ק)ע אײַן,

—

.

~(גע)טראָמאַס(ק)עט. אײַנטרייסלען, אײַנשאָקלען. א, דעם זאַק מיט די קלעצלעך.

איינטראַמבעווען — טרוו ־בעווע איַן,
—
.
י,,געטראַמבעוועט. איַנטראַמפּלען. איַנפּרעסן.

1164

איַנדריקן. "דער צווייטער פּערד,... וואָס האָט... איַנגעטראַמבעוועט די ערד אונטער זיך אין צײַט פֿון גסיסה", ש. ברעגמאַן, דורך קריג אַן רעוואָלוציע I, אַדעס 1931. ,,די... אַרבעט באַשטייט פשוט אין א, די מאַסע", נ. סאַכאַרני איבז, ל. פֿרומין, וואָס דאַרף מען וויסן וועגן אַכטונג געבן אַף אַ וואַגראַנקע, כאַרקאַוו 1932. אויך מיט ז י ך — ,,אונטערן דרוק פֿון קאָלאָסאַלער שווערקייט האָבן זיך די... באַר־מינים איַנגעטראַמבעוועט פֿאַרוואַנדלט זיך אין

,

שיפֿערשטיין,,, ה. קאמענעצקי איבז, מיט פֿעסטן טראָט, מינסק 1936.
איַנטראַמפלען — טרוו. ־פּל איַן, ~
געטראַמפלט. איַנטרעטן מיט שווערע פֿיס. מיט די שטיוול א, ליים. א, די גרודעס. א, דעם שניי. ־עניש.
איַנטראָנטשען — טרוו. ־טשע איַן, ~

געטראָנטשעט. פּד. אײַנשטויסן, אײַנקלאַפּן. א,
דעם ריכטיקן חלק אין די ביינער אַרײַן. א,
די ביינער.
אײנטראַסקען — טרוו ־קע אײַן, ~
געטראַס—   .
קעט. פּפֿ: ~טראַכקען. אײַנקלאַפּן,
אײַנהאַקן מיט אַ טראַסק. א אַ פֿלאַם אין באַק.
,

א, די שויבן, דאָס גלאָזוואַרג.
איינטראַ — דער, ־ן. וואָס באַשטייט פֿון
איין טראַף. למשל: אַ, עך, ברויט. ־יק —
„לויט דער צאָל טראַפֿן הייסט דאָס וואָרט אָדער
א, (איינזילביק)... למשל: און, קאָכט, סוף,
גרייט", זר, גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער
שפּראַך, ווילנע 1920. „ווען אַן א'ער וואָרט
קומט פֿאַר אָדער נאָך אַ מערטראַפֿיקן, קען ער
האָבן אויף זיך אַ נגינה (אַקצענט)„, ימ,
שולגראַמאַטיק..., 1921.
אײַנטרובן — טרוו. ־בע אײַן, ~
געטרובעט. אַרײַנטרובען. אײַנבלאָזן, זאָגן מיט אַ
געקלאַנג אַזוי ווי פֿון אַ טרובע. א, אין אויער

אַ סוד. א, עטלעכע נאָטן.
אײַנטרויען — טרוו. טרוי אײַן, ~געטרויט.
פֿאַרטרויען. אַרויסוויַזן צוטרוי, דערציילן
עמעצן וועגן אַן אינטימען ענין. א, אַ פֿרײַנד אַ
גרויסן סוד. אָפֿטער מיט ז י ך — האַבן אָדער
קריגן צוטרוי. „געדאַרפֿט האָבן איינע...
ווײַבספֿערזון, אין וועלכע... זי זאָל זיך קענען
א, מיט אַלע אירע... גיהיימניס“, אמד,
עווגעניע, ווילנע 1878. „ווען מען מעג מען זיך א,
אַ סעקרעטנע זאַך דערציילן? — אַ ליגנער, ווען
ער וועט פֿאַר עמעצן דערציילן, וועט מען אים
אויך ניט גלייבן“, ש בעקערמאַן, דער
זשענסקער וואָפּראַם, אַדעס 1887.
אײַנטרומייטערן — טרוו. ־ער אײַן, ,
געטרומייטערט. אײַנטרובען. אַרײַנטרומייטערן.
א, דעם אָנהייב פֿון מאַרש. א אַז מע זאָל
פֿאַרגלושעט ווערן. א, דעם נאָמען פֿון
קאַנדידאַט.
אײַנטרונען — טרוו. ־נע אײַן, ~געטרונעט.
נעאָל אַרײַנלייגן אין אַ טרונע. „א, דיך אין
אַ טרונע פֿון קרישטאָלענע שטיקער אײַז“, נאַד
איבז, פּ. אַלטענבערג, ווי איך זע עס, נ“י 1919.

איינטרוסען — טרוו. ־סע אײַן, ~געטרוסעט.

פּפֿ: ~טרושען. סל. אײַנשיטן. אַרײַנשיטן.
אײַנשטויבן. א, מעל אין זאַק. א, די פּאָליצעס.
מיט ז י ך — זיך א, אַ שטויבעלע אין אויג.
איינטרוקענען — ← אײַנטריקענען. ,,

טריקניס זול קומן איבר אירן וואַשיר, דא זיא ור
זייהין אונ, איין טרוקינן זולן,,, שעריר, ג, 38.
אײַנטרהאן—[... טירכען, ־טער־, ־טאַר־] טרוו.
טרחא אײַן, י.,געטרחאט. אויך: ~ט(י)רההן.
אײַנמידן, אײַנמאַטערן. ״איך פֿאַרהאָף אַז די
בקשה מײַנע ועט אײַך ניט א',,, פּבֿ.
אײַנטריט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אײַנטרעטן. אַ טריאומפֿאַלער א'. דער א, אין הויכשול.
*האָבן אַ פֿרײַען א, = קענען פֿרײַ אַרײַנקומען
(ווען מע וויל, אָן געצאָלט). *האָבן אַן א, צו
אַ וויכטיקן מענטשן = קענען אָנקומען צו אים,
פּועלן בײַ אים. ,,דשׂ איהם דר מלך דען איין
טריט אין דיזן חדר בײַא לײַב אונד לעבן
שטראָף געגצליך פֿר באָטן האָט,,, מעסtה של

ירושלמי, הומבורג 1711. 2. טיר, טויער, עפֿענונג, וואָס דורך דעם קומט מען אַרײַן אינעווייניק. אַרײַנגאַנג. אַ ברייטער א.. 3. (אַקטיאָריש) אויפֿטריט, דאָס אַרויפֿקומען אויף דער בינע. האָבן אַן א, ערשט אין לעצטן אַקט.
4. דאָס אָנהייבן שפּילן פֿון אַן אָרקעסטער אָדער פֿון אַ סאָליסט. "די ערשטע פֿידל האָט באַלד אַן א"".
א'־אָ פּ צ אָ ל. א'־ג ע ל ט. א'־ע ק ז אַ מ ע ן. א'־צ י מ ע ר. א'־ק אַ ר ט ל (ק אַ ר ט ע). א'־ש ט ײַ ע ר — באַקומען דאָס רעכט צו ווערן אַ תּושבֿ. „מיט דער צײַט זוכן זיי [די אײַנגעזעסענע] צו פֿאַרקלענערן זייער שטײַער־לאַסט דורך צולאָזן נײַע תּושבֿים וואָס זײַנען גרייט צו באַצאָלן אַ הויכן א'־שטײַער (מעות־קדימה)", יובל □ XXI, 82.

אײַנטרײַבן — טרוו. טרײַב אײַן, □ ,געטריבן.
1. אַרײַנטרײַבן. א, די בהמה אין שטאַל אַרײַן. *א, (זיך) אין חובֿות = לעבן ברייט, אַז די הוצאָה זאָל זײַן גרעסער ווי די הכנסה. 2. אַרויסטרײַבן. שטאַרק העכערן דעם פּרײַז. א, די סחורה אין אַ פּרײַז אַז מע זאָל נתעשר ווערן. 3. אַרײַנקריגן. צוקריגן. א, געלט פֿון פֿאַרקויפֿן אַנטיקן.

אײַנטרייסלען — טרוו. ־סל אײַן, ~
געטרייסלט. 1. אַרײַנטרייסלען פֿאַרטרייסלען. א,
.
זאַמד הינטערן קאָלנער. א אַן אויג. 2.
דורכ,
טרייסלען (ס'זאָל אַרײַן מער; ס'זאָל ווערן
בעסער, באַקוועמער). א, די פּערענע, די קישנס.
א, די פֿלאַש אײַנגעלייגטע אַג(ע)דעס. א, דעם
י
זאַק מיט קעפּלעך קרויט. אויך מיט ז י ך —
,,דער זאַק וועט זיך א', וועט מען אַרײַנשיטן
נאָך צוקער,, ־ונג ־עניש.
. .
איינטרייען — טרוו. טרײַ(ע) אײַן, ~
גע־ ־־
טרײַ(ע)ט. ry □ o □ : □ <. אמ אײַנגעוואוינען,
אײַנגעניטן, אײַנלערנען. אײַנאַרבעטן. א, מיט
עמעצן אַ שפּאָגל־נײַע אַרבעט. אָפּטער מיט
ז י ך □ ־ “ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס, אַז
מ'עט זיך א'“, נאַד.

אײַנטרינקען

אײַנטר נקען — טרינק אײַן, ,געטרונקען.
אומוו — 1. דערטרונקען ווערן. נר. א, אין וואַסער. 2. ווערן שיכּור. נר. „זײ זײַנען אײַנגעטרונקען ווי פּורים נאָך דער סעודה„.
טרוו — 1. דערטרינקען. דערטרענקען. א, עמעצן אין אַ לעפֿל וואַסער. 2. אָנטרינקען, אָנטרענקען. א, עמעצן ער זאָל פֿאַלן פֿון די

פֿיס. א, די וואַזאָנען. 3. אַרײַנזאַפּן.
אַרײַננעמען. אַרײַנציִען אין זיך. א, Iיות פֿון דעם וואונדערלעכן אַרום.
מיט ז י ך — 1. „מיר האָבן זיך גוט אײַנגעטרונקען [= אָנגעטרונקען] אויפֿן באָל,„ י. ד. טאָיב, דער קדיש..., ווילנע תּרמ„ט. 2. אײַנעסן זיך. אײַנזאַפּן זיך. „ער... האָט... זיך אײַנגעטרונקען אין זײַן גלעזערנער פּאַרגליווערטקייט“, מאַרק ראַזומני, אַראַנעאַ די שפּין, ריגע 1924.
איינטריף — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזול־־
טאַט פֿון אײַנטריפֿן. אַ כּסדרדיקער א'. אַ געדיכטער א'. 2. דזוו אײַנטריפֿעכץ.
איינטריפֿלען— טרוו. ־פֿל אײַן, ~געטריפֿלט.

1. דזוו אײַנטריפֿן (מיט טראָפֿנדלעך). „א, אין די אויגן פֿון די נײַ־געבאָרענע קינדער אַן אײַנפּראָצענטיקע צעלאָזונג פֿון אַזאָט־זויערן זילבער„ פֿגעז, ווילנע 2 .1 1932, No.
אַרײַנ,
וואַרפֿן, אַרײַנשיטן טריפֿלעך אין זופּ, אָדער עפּעס וואָס איז ענלעך אויף (צו) אַ טריפֿ[ל.
א, מצה־מעל אין יויך.

אײַנטריסן — טרוו. טריף אײַן, ~געטריפֿט.
--

1. טראָפּנווײַז אַרײַנגעבן, אַרײַנטאָן. א, טראָפּנס אין אויער. א, סם אין בעכער ווײַן. „אין זײַן אָפּגעבריט אויג דאַרף מען א, בוימל (ריצנאייל, זונרויזן־בוימל)...„„ איבז, ט. אי. מאַסלינאָווסקי, ווייס ווי צו געבן ערשטע הילפֿ, מאָסקווע 1941. 2. דז פֿיג. א, טראָפּנס שׂנאה. א, דעם סם פֿון אַנטיסעמיטיזם. 3. אײַנשמעלצן. א, אַ ליכט, ס'זאָל ניט אומפֿאַלן.
־ונג. ־עניש.

-

איינטריסעכץ — דאָס, ־ן, ־ער. פּד. שפּײַז

-

פֿון אַן אויפֿגעשלאָגן איי, אויסגעמישט מיט
מעל און אַרײַנגעטריפֿט ביסלעכווײַז אין
אויפֿגעקאָכטער מילך אָדער אין יויך.
אײַנטריקענען — ־קן אײַן, ~געטריקנט.
אוטוו — 1. ביסלעכווײַז פֿאַרלירן די פֿײַכטקייט.
ווערן טרוקן. געהילץ אויף דער זון טריקנט
אײַן. דער בוים וויאַנעט, טריקנט אײַן. „ניטאָ
מער קיין אייטער, די מכּה טריקנט אײַן“.
2. ווערן ווייניקער אין במות פֿון פֿליסיקייט.
אויסדאַמפֿן. דאָס טײַכל טריקנט אײַן
זומערצײַט. „כּדי די מעלך זאָל א, אָדער די מעלך זאָל
ניט רינען אויף דער ערד“, תּקוני שבּת,
אוסטרהא 3 .l818. אײַנדאַרן, מאָגער ווערן. א,
פֿון אַ קראַנקייט. א, פֿון הונגער. 4.
אַטראָפֿירט ווערן. פּאַראַליזירט ווערן. די רעכטע
האַנט האָט בײַ אים אײַנגעטריקנט. קללה: א,
זאָלן בײַ דיר הענט און פֿיס (די געהירן אע).
*דער מוח איז בײַ אים ניט אײַנגעטריקנט =
ער איז שאַרפֿזיניק, ער האָט המצאָות. 5.
בהדרגה קלענער ווערן. ביסלעכווײַז ניט ווערן,

פֿאַרשווינדן. דאָס קניפּל (דאָס געשעפֿט, דער
קאַפּיטאַל אע) טריקנט איַין. דער ייִדישער ייִשובֿ
אין... טריקנט איַין. 6. צוקלעפּן זיך (
בשייַכות מיט בֿ1). די פּאָס טריקענען איַין
אויף די קאָנווערטן. אַן אייוויַיסל,
שמירט איַין דאָס פּנים.. אָס געלכל,, פֿאַר,
, ווען עס טריקנט
איַין..., שמירט אַרויף ,
.27 19 5

טרוו — 1. מאַכן אינג נצן טרוקן אָדער
טריקענער ווי עס איז פֿרִיער געווען. א, געהילץ.
א אַ געוויקס. א, די בּי ר. ,,דא האָט איין
,

גטרוקנט גאָט דז ים סו סהמ, יהושע, ד,
24. 2. קאָנסערווירן דורך איַינטריקענען. א,
פֿלוימען. א, באָבֿ, אַרבֿעס ,,האָבן זיי אָבער
זייער חלק גלויבן איַינגע ריקנט אין
פּראָגראַמען וואָס באַוועגן זיך יט,,, בֿ. ריוווקין, אַ
גלויבן פֿאַר אומנלויביקע.
מיט ז י ך — ,,אוי, וואַסע ל, וואַסערל. טריקן

זיך אײַן, אַז איך מיט מײַן געליבטן זאָלן
קענען אַריבערגיין!„ פֿל ־ענונג — אויך:
אַט, .
ראָפֿירונג פֿאַרשווינדונג ־עניש — „און
, .
הייבט אָן שעלטן: — אַ כאָליערע, אַ
מיתהמשונה! אַן אויסלויפֿעניש, אַן א'! אָן
אײַנשרומפֿעניש“, שע, אַלט־נײַ־כתרילעווקע.
איינטרעגלעך? — אַדי. אַרכ. געאייניקט,
איינשטימיק. מלל, ק/א פֿאַרטײַטשט 'להלחם עם
,
יהושע ועם ישׂראל פּה אחד, (יהושע, ט, 2):
„איינטרעגליך„ [איז עס אַ טעות־הדפּוס? אפֿשר
דאַרף זײַן: איינטרעכטליך, איינטרכטליך
(= איינטראַכטלעך)].
אײַ'נטרעגלעך — אַדי. 1. דזוו אײַנטראָגלעך
(←). „קיין איינציק געשעפֿט בלייַבט אימער
גוט און א'“, י. ב. גאָלדמאַן, מקור חיים,
לעמבערג 1857. „קויפֿט, רבותים! הורטאָם איז
א'ער צו קויפֿן„, זב דער קליינער כל־בוניק,
אַדעס 1885. „באַקומען אַ גוטע א'ע
ראַבינערשטעלע , ממום, ווינטשפֿ. „... האָט זיך
פֿונאַנדערגעוואַקסן דער אַפּעטיט פֿון די ענגלישע
סוחרים צו קריגן אַ חלק אין דעם א'ן האַנדל

מיט אינדיע,,, ק. מרמר, דעך ענגלישער
אימפּעריאַליזם אין אינדיע, לאָדזש 1930. 2. וואָס
מע קען אײַנטראָגן. ,,די שיך זײַנען אַ בּיסל
ענג, אָבער דאָך א',,. ־קייט.

אײַנטרעטן — טרעט אײַן, ~געטראָטן (~
געטרעטן). אוטוו — 1. דזוו אַרײַנטרעטן. פּד.
אַרכ א, א י ן בּלאָטע (מיסט, אָפּפֿאַל אע).
,,עס פֿילט זיך פֿון דיר, ווי דו וואָלסט געהאַט
אײַנגעטראָטן [אין צואה]". ,,און, שלוגן זיא
צו שטוקן אין דער זעלבּן שטונד צו גבֿעה אין
דער שטט. אַל פּלשתים לוייט ווער נוייארט איין
הין טראָט", שמואל־בּוך, סטראָפֿע 197. 2. דזוו
אַרויפֿטרעטן. א, אויף אַ טשוואָק מיט די
בּאָרוועסע פֿיס.

3. אָנשליסן זיך אין אַ גרופּע. ווערן אַ
מיטגליד, אַ מיטבּאַטייליקטער. א, א י ן דער
אַרמיי. א, א י ן פֿאַראיין. א, אין אוניווערסיטעט.
,,רעקרוטן, וואָס זײַנען אײַנגעטרעטן אין
וואָיענע סלוזבּע.... ,,, קמ, 2 1862, No. ,,
צעכאָווע, ניט אויסגענומען ייִדן, וואָס וואוינען אין

אײַנטרעטן

די [צענטראַלע] גובערניעס איז ערלויבּט

אײַנצוטרעטן אין גילדיעס“, קמ, 3 1865, No.
4. אָנקומען אויף אַ שטעל, אויף אַן אַמט.
א, אין אָרקעסטער אַלס ערשטער פֿידלער. א, אין מיניסטעריום. „איך מוז זיך בּאַמיִען צו אונדזער נשׂיא אַלס בּאַקמײַסטער אײַנצוטרעטן“, ח. ל. מושקאַט, תּלמידי חכמים, ווילנע 1896.

5. אַרכ. אַרויּ □ קומען. אויפֿטרעטן. שטעלן זיך אַ בּיסל העכער און דאָרטן צײַטווײַליק בּלײַבן. „אויף דז גישטעל טראָטן זיא מיט אײַן אונ, דורטן טעטן זיא וואַרטן„, ווינץ. 6. אַרכ. אויפֿטרעטן אָפֿיציעל ווי אַ פֿאַראינטערעסירטער אָדער עדות פֿאַר אַן אַמט. „און זאָגט צו אים: מײַן ליבּר פֿרײַנד, גיא מיט מיר פֿר דען מלך אונ טרעט מיט מיר אײַן פֿר איין משפּט„, לט1, קמז/א. „לאזי ניט בּײַא דיר אײַן טרעטין לײַטין דיא גערין דישׂפּוטירן אונ, אויף איהרי גידאַנקן בּיהאַרן„, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ“ט, לה/א.

□. (מוזיק) אָנהייבּן זיך בּאַטייליקן (מיט זינגען, שפּילן אע). דער כאָר וועט א, בּאַלד נאָכן טענאָר. די פֿלייטן טרעטן אײַן צוזאַמען מיט די פֿידלען.

8. אײַנשטעלן זיך, אָנהייבּן זיך (וועגן אַ מצבֿ). “וועגן... הריסות־התּורה זענען

אײַנגעטרעטן, איז עס נאָר אויס פֿאַרגעסנהייט און
אומוויסנהייט“, ר, הילל ליכטענשטיין, עת
לע)ות II, סאַטמאַר תרפּ,,ה, הקדמה. “גלײַך
דערנאָך איז דער קריג אײַנגעטראָטן,,, ר, יוסף
מרדכי גינצלער, חזון ישעיה, טאַרנאָוו (
סלאָוואַקײַ) 1929. ,,אויף אַנדערע פּונקטן... איז
פֿאַרהעלטניסמעסיק אײַנגעטראָטן אַ שטילשטאַנד
אין די לאַנדשלאַכטן,,, טמז, 4 1965 XII.
9. אַרויסקומען מיט אַ פֿאָרלייג, אַ
פֿאַרטיידיקונג (לטובֿת עפּעס). א, פֿ אַ ר דעם
געזעץפּראָיעקט. ,,זוכה געוועזן צו הערן פֿון... מויל
אַליין... א, פֿאַר אַ[ן] אַנטי־שמד־ליגע“, רעד,
משה פֿראָםטיג, יודישער קאַלענדאַר לשנת
תּרע“ב, לעמבערג 1911.
()1. אָננעמען זיך פֿאַר עמעצן פֿאַרבײַטן

-

.
עמעצן בײַ אַן אַרבעט. א, פֿאַרן חבֿר.
פֿרײַוויליק א, פֿאַרן קראַנק־געוואָרענעם.
טרוו — 1. מיט די פֿיס אײַנפּרעסן.
אײַנטראַמבעווען. א, ליים. אײַנגראָבן אַ סלופּ און
א, אים, ער זאָל זיך שטאַרק האַלטן. א, אַ
ברענענדיקע קויל, עס זאָל חלילה ניט ווערן קיין

שׂריפֿה. „אונדזער חבֿרה־מאַן... הייסט שיטן [פּאָלאָווע] אין מקווה. פּאָלאָווע איז דאָך גרינג, שטייט עס פֿון אויבן. הייסט ער, זיי זאָלן גיין א, פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז זיי זײַנען נע... —
בעך אַרײַנגעפֿאַלן אין מקווה„, י. רוחומובֿסקי, זכרונות..., פּאַריז 1930. *א, עמעצן (מיט די פֿיס) = באַליידיקן, שטאַרק ווי טאָן
פֿאַר,
שטויסן. „ביסט אַ רשע, מע טאָר ניט א, אַ שטילן מענטשן„..
2. אַרבעטן דורך טרעטן. מאַכן בעסער מיטן טרעטן. א, ווײַנטרויבן. א, אַ וועג. [פֿרגל אויסטרעטן אַ וועג, 254]. *א, אַ וועג אין לעבן = זיך אויסקלײַבן אַן אַרבעט, אַ פּראָפֿעסיע און מצליח זײַן דערבײַ.

אײַנטרעמאָשען

3. אַ געוויסע צײַט טראָגן שוכוואַרג און מאַכן לויז, באַקוועם. אײַנטראָגן, ב3. א, די שיך, די פֿיס זאָלן זיך אין זיי אַליין אַרײַנגליטשן. *א, דיך שיך = (מיט ביטערער איראָניע) שטעלן זיך אין דער ריי אין

מיליטערישער אָרדענונג ווען מע האָט געהערט דעם

רוף פֿון די דײַטשן אין קאַצעטן: !A][ell

A]ק[pell!] in re en, י. בריקס, אויף קידוש שס.

4. אײַנבלאָטיקן, אײַנשמוציקן מיט די פּיס. א, די פּריש־געפּאָרבענע דילן. א, די שיך. „ער קומט בײַ אַ גבֿיר, אַ נדבֿה אים בעטן, שטעלט זיך נעבעך בײַן טיר, ער זאָל די פּאָדלאָגע ניט א"', מש"ש מפּאָניעוויעזש, דער רחמנות, ווילנע 1882.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש. —ער (־ין, ־קע) — א, פֿון ווײַנטרויבן. ־ערײַ.

איינטרעמאָשען — טרוו ־שע אײַן, ~ גע—

טרעמאָשעט. אײַנטרייסלען. אײַנשאָקלען. א, די פּערענע. א, די ביינער. מיט ז י ך.

איינטרענירן — טרוו ־ניר אײַן, ~(גע) טרע—

נירט. אײַנמושטירן. אײַנלערנען, אײַנגעניטן (מיטן איבערחזרן, מיט אַן אײַנגעשטעלטער

דיסציפּלין). א, זעלנערס. א, אַ הונט, ער זאָל געבן די לאַפּע. א, אַ בער צום טאַנצן. א, די ספּאָרטלערס. „ביַים לערנען ייִדיש זאָל דער לערער האָבן דאָס געפֿיל, אַז ער טרעֶנירט איַין די אָפּטיילונג אין דער אַרמיי פֿאַרן ייִדישן קיום“, ימ, קוד, 1943. מיט ז י ך.
־ךנג.

איַינטרענען — טרוו. טרען איַין, ~געטרענט. איַינרײַסן, אויפֿרײַסן אַ ביסל, נאָר צום טייל, דאָס גענייטע. א, די אונטערשטע נאָט און איבערנייען.

איינטרעסירן — טרוו ־סיר איַין, ,(גע) טרע— .

סירט. איַינטרענירן, איַינדרעסירן. ספּעצ וועגן בעלי־חיים. א, אַ פֿערד צו גיין אין שפּאַן. א, אַ פֿאַלק. ”די ווירקונג פֿון דער שפּראַך בײַם א, דאָס דײַטשע פֿאָלק„, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. מיט ז י ך — אויך: איַינעקשנען זיך (לאָקל, זאַמעט, קורלאַנד).

־ונג. ־ער — דער א, פֿון צירק.

~טרעסירט — אדי, פּאַר. אָן א, פֿערד.

אויך: איַינגעעקשנט פֿאַרעקשנט, לאָקל -

ער, .

הייט. ־קייט.

אײַנטרעסלען — ← אײַנטרייסלען.
אײַנטרעסען — טרוו. ־סע אײַן, ~געטרעסעט.
1. אײַנטרייסלען. אײַנשאָקלען. א, דעם שטרויזאַק. *א, דאָס (דעם) זעקל בײנער = אָנבּרעכן די בײנער. 2. אײַנטאָפּטשען, אײַנדריקן, אײַנפּרעסן. א, היי, שטרוי. מיט ז י ך.
אײַנטרעף — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנטרעפֿן. אַן א, ממש אין פּינטל אַרײַן. 2. בּאַטרעף. סך־הכּל. „דער א, פֿון דער גאַנצער סחורה איז געווען ח„י קאַק סערעבּראָם„..

-

אײַנטרעסן — טרעף אײַן, ~געטראָפֿן. אוטוו, דריטפּערזאַניק — (אומגעריכט) געשען, פּאַסירן. „וואָס האָט דאָ אײַנגעטראָפֿן אַזוינס איר

1166

זאָלט ניט קענען האַלטן וואָרט?‟. ‟די האָפֿענונגען פֿון אונדזער אַבֿיגיל... האָבּן אַלע אײַנגעטראָפֿן (געשען)„„ אמד, דער פּלעט אויף שבּת, ווילנע 1872. „צי וועט עס א, אויף דער יוגנט צי אויף דער עלטער‟, ר, מ. א. גאַלינו, חכמת

היד, ווארשע 1882.
טרוו & אוטוו — 1. אַרײַנטרעפֿן. א, די (מיט
דער) פֿײַל פּונקט אין ציל. א, אין פּינטל אַרײַן. א
2. בּאַטרעפֿן, אויסמאַכן אין סך־הכּל. א אַ

,

גאַנצן פֿאַרמעגן. א, אין אַ היפּשער סומע.
3. טרעפֿן, צוטרעפֿן. א, וואָסער קאָרט ער האָט.
א, ווען אָנצוקומען. „א, וויפֿל מ'דאַרף נעמען

פֿון יעדער פֿאַרבּ איז אויך ניט שווער“, ש שפּי־ א
ראָ, קליידער־פֿאַרבּערײַ, וואַרשע 1900. מיט
ז י ך — „די אַלע עונשים אויף די עבֿירות
וועלן זיך א'“, ר. הילל ליכטענשטיין, עת לע־ א
סות II, סאַטמאַר תּרפּ„ה ־עכ ן ־עניש.

. .

איינטרערן — טרוו. טרער אײַן, ~געטרערט.
-
אײַננעצן אין טרערן. א, דאָס חופּה־קלייד. מיט
ז י ך.
איינטרעשטשען — ־שטשע אײַן, ~

געטרעשטשעט. אוטוו — אײַנפּלאַצן מיט אַ קנאַק.

„אין דער אָדליגע טרעשטשעט איַין דאָס איַיז“.
טרוו — געבּן אַ קלאַפּ, אַ קנאַק (און איַינבּרעכן).
א, א פֿעסל. א אַ בּרעט מיטן שווערן האַמער. א
,

-
א, די בּיינער.
איינטשאָבּען — טרוו ־בּע איַין, ~
געטשאָ—
בּעט. פּפֿ: ~שטשאָבּען. איַינניייען אויף אַ
טאַנדעטנעם אופֿן. א אַ גוואַלדריס פֿיג. א, אויף
, .

אַ וויַיל דעם שלום־בּית.
איינטשאַדען — טרוו. ־דע איַין, ~
געטשאַ־־
דעט. אויך: ־,טשאַדזשען. 1. בּאַטויבּן מיט
טשאַד, מיט שטיקנדיקן רויך. א, דעם קאָפּ.
א אַלעמען אין שטוב, וויַיל דער קוימען איז
,
פֿארשטאָפּט. 2 פֿיג. איַינטומלען

פֿאַרטומ—   .   ,

לען. אײַנשיכּורן. פֿאַרטעמפּן. א, מיט פֿאַלשע צוזאָגן, מיט העצערײַען. מיט ז י ך — א, זיך מיט פּוסטע חלומות. „-—-- דער קאָפּ איז מיר א

עפּעס שווער — מסתּמא אײַנגעטשאַדעט זיך פֿון די זעליאַסקעס„, בּ. גאָרין, דיא מזיקים..., נ"י .1900

איינטשאַכטשע(נע)ן

— טרוו -טשע אײַן, א

- צאַכצען.

אײַנ—   .

~געטשאַכטשעט. פּפּ: ~

שמײַסן מיט אַ רוט, קאַנטשיק. אַרײַנצימבּלען, געוויינטלעך אין (איבּערן) ווייכן חלק. א, די יונגאַטשעס פֿאַרן ניט קענען איבּערזאָגן די סדרה. -עניש.

טשאכנעט. סל. אײַנדאַרן, אײַנטריקענען. א, ווי א

איינטשאַכנען — אוטוו. -נע אײַן, ~

גראָז אָן אַ רעגן. א, פֿון אַ קרענק.
אײַנטשאַרעווען — טרוו. ־רעווע אײַן, ~
געטשאַרעוועט. פּר, גאַליציע. אײַנכּישופֿן
פֿאַר.
כּישופֿן. א אַ ניסל, עס זאָל כּסדר געווינען.
,
איינטשאַרען — טרוו ־רע אײַן, ,
געטשאַ— .
רעט. פּפֿ: ~טשאָרען, ~טשערען.
אײַנבּרודיקן. מאַכן שוואַרץ. א, דאָס פּנים. א, די
ווענט.
אײַנטשוועקע(ווע)ן — טרוו. ־קע(ווע) אײַן,

אייניאָגן

--

~געטשוועקע(ווע)ט. 1. צוקלאַפּן אָדער
צונויפֿקלאַפּן מיט טשוועקעס. א אַ צעבראָכן

,

בענקל. 2. אַרײַנקלאַפּן די ערשטע טשוועקלעך
(עס זאָל זיך האַלטן, בײַ אַן אַרבעט־פּראָצעס).
א, די אָפּשניצלעך פּון פֿעלץ און זיי דערנאָך
צונויפֿנעמען. א, די בראַנדזויל און דערנאָך
אײַנדראַטעווען.

ייִנטשוכען — טרוו ־כע אײַן, ~געטשוכעט.

. .

 h eiuc: >. פּר. 1. אײַנוויקלען אין
שמאַטעס. 2. אײַנוויקלען אין אַ סך קאָלדרעס,
אויך קליידער. א, דאָס קינד, ווײַל ס'איז זייער
קאַלט. אויך מיט ז י ך.

ייִנטשישען — טרוו. ־שע אײַן, ~

געטשי ־
שעט. סל. דזוו אײַנטישען. אײַנשטילן,
אײַנרואיקן. א, דאָס קינד. א, דעם המון, די שלעגערס.

ייִנטשעס(י)ען — טרוו ־פּ(י)ע אײַן, ~

גע ־

טשעפּ(י)עט. דזוו אײַנשטשעפּיען. א, אַ צווײַגל.

א אַ פֿרוכטבוים. ״מע נעמט צווײַגן פֿוןביימער

,

וואָס טראָגן פֿירות און... טשעפּעט זיי אײַן
אין ביימער וואָס טראָגן ניט קיין פּירות״,
ראָבינזאָהן קרוזאָהע, ווילנע 1880. „דאַרף מען...
אין געבליבענעם שטיקל שטאַם [פֿון ביימל]
אײַנטשעפּען אַ צווײַגל פֿון גאָר אַ גוטן בוים״,
אי. קיפּניס פּון די יונגע יאָרן, קיִעוו 1939.

,

ײַנטשעפּען — טרוו ־פּע אײַן, ,
געטשע— .
פּעט. לד — ~טשעפּענען. אַרײַנטשעפּען.
צוטשעפּען. צופּעסטיקן מיט אַ (זיכער)נאָדל
אע. א אַ בלום אין לאַץ. א אַ סטענגע אין

, ,

די האָר. מיט ז י ך — אײַנהענגען זיך,
אײַנקלאַמערן זיך, אײַנעסן זיך, אײַנפּלאָנטערן זיך.
„[דער פֿראָסט] האָט זיך אויך אויף די שויבן
זייער פֿעסט אײַנגעטשעפּעט, גלײַך ווי מע
וואָלט אים צוגעקאָוועט„, אַל„ק, די גליקליכע
פֿאַמיליע, וואַרשע 1881. „האָט זיך די שלעפֿע
פֿון איר קלייד אײַנגעצעפּעט אין ראָד, און די

ראָד האָט שוין צו זיך אַרײַנגעשלעפּט די
גאַנצע פֿאָלע,,, א. סאַפּיר, דער קליינער קאַטערזניק,
ווילנע תּרמ"ג. ־עניש.
ייִנטשערבען— טרוו. ־בע אײַן, ~

געטשערבעט. פּפּ: ~שטשערבען. מאַכן אַ ביסל
מיט אַ קאַרב, אַ שפּאַלט. אײַנברעכן אַ שטיקל
פֿון אַ ליימענער כלי. א אַ טאָפּ. א אַ מעסער.

ייִנטשערנען — טרוו. ־נע אײַן, ~
געטשער ־
נעט. 1. אײַנשוואַרצן. דזוו אײַנטשאַרען. 2.
מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט. ,,... דאָרט וועל איך
שוין מיט איר בלק לערנען, איך וועל זי פֿון
קאָפּ ביז די פֿיס א'', צפֿנת פענח, דער סוף פֿון
חשבון, ווילנע 1900.
ייִנ אָגן — טרוו. יאַג אײַן, .־,געיאָגט. 1.
אַי

-
רײַניאָגן. א, די קו אין שטאַל אַרײַן. א, אַ קויל
אין קאָפּ. 2. דעריאָגן. אָניאָגן. גיך לויפֿן, פֿאָרן
אע און צוקומען צו אַ דערווײַטערטן פונקט

(דערגרייכט פֿון עמעצן וואָס האָט פֿריִער
אָנגעהויבן זיך באַוועגן). טרײַבן שטאַרק די
פֿערד און א אַ פֿור, וואָס איז פֿריִער
אַרויס,
געפֿאָרן. 3. צוגעוואוינען, אײַנלערנען גיך זיך
צו באוועגן. א, די פֿערד צו לויפֿן גיכער. א אַ
,

-
הונט פֿאַר געיעג. 4. דערגרייכן צו עמעצנס
אַ מדרגה אין אַ טעטיקייט, וואַס יענער האָט

אײַניאָדן

זי שוין געהאַט דערגרייכט. א, עמעצן אין
לערנען. א, די איבעריקע אַרבעטער מיט דער
נאָרמע. „מיט זײַנע פֿעאיקייטן קען ער דאָס
...
אַלץ א'„ קמ, 5 .23 1867, No. אַרײַנטרײַבן.
א אַ שרעק אין די ביינער. „איר גיבט מיר
,
זער שלעכטין טרייסט און טוהט מיר נאָך מעהר

טויט אַנגשׂט איַין יאָגן,,, מע◌ה של ירושלמי, הומבורג 1711.

אויך מיט ז י ך — א, זיך און איבעריאָגן. ־עניש.

איינ אָדן — טרוו. יאָד איַין, ◌י.,געיאָדט. אויך:
י

-

~יאָדינירן. איַינשמירן, איַינרייַבן מיט יאָד. גוט א, דעם צעשניטענעם פֿינגער.

איינ אַדען — סרוו ־דע איַין, ◌.־,גע אַדעט. פּפֿ:
י . י

--

~יאַד(ז)יען. שטאַרק דערקוטשען מיט רייד, מיט רייצן זיך, מיט ערגערן. א, עמעצן, טאָן אים אין טויט אַריַין. געוויינלעך מיט ז י ך — איַינעסן זיך. ,,וואָס האָסטו זיך איַינגעיאַדעט אין מיר ווי אַ מוק?", רייד (זאַמעט). א, זיך ווי אַ קליעשטש ־עניש.

.

איַניאַוועןــ טרוו. ־ווע איַין, ~געיאַוועט. לד: ◌,יאַוועגען. 1. (אין צאַרישן רוסלאַנד)

אײַנמעלדן אין פּאָליצײ־אַמט אע. א, דעם פּאַס(פּאָרט) אין (פּאָליצײ־)באַצירק. א, די אורחים פֿון דער אַכסניא. *מע האָט אים (ער איז) שוין אײַנגעיאַוועט = א) די פּאָליצײ ווײס שוין וועגן אים, מע שפּירט אים נאָך (הן וועגן אַ קרימינעלן, הן וועגן אַ פּאָליטישן פֿאַרברעכער); ב) וואוילױנגעריש. מע האָט אים שוין אָנגעבראָכן די בײנער.

2. (אונטער נאַצישער הערשאַפֿט) פֿאַרנעמען, באַשטימען אויף באַזונדער שווערער אַרבעט. פֿאַרשלעפּן אויף שקלאַפֿן אַרבעט. ,,אין

באַלטי

-

קום האָט דאָס כאַפֿן מענטשן צו דער זאָנדערארבעט געהייסן א',, פֿלח, No 6.

-

מיט ז י ך — איר. אָנקומען. באַווײַזן זיך.

־עניש.

אײניאָזשען זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נב;

-

זיך ~געיאָזשעט. אײַנדרײען זיך, צונויפֿקנוילן

זיך ווי אַ יאָזש. „ער האָט זיך אײַנגעבויגן, אײַנגעיאָזשעט, ווי ער וואָלט געזוכט אַ פֿאַרלוירענעם חפֿץ„, מ. מאַן, בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע.

איינ אַטלען זיך

— אוטוו ־טל זיך אײַן, זיך

י

.

-

~געיאַטלט. ביסלעכווײַז ווערן אַ יאַט צווישן יאַטן, ווערן אַ גוטער חבֿר צווישן אַ חבֿרה יינגלעך, ווילדע יונגען. „די גוטע בשׂורה וואָס לייבקע האָט מיר אָנגעזאָגט: ער האָט זיך אײַנגעיאַטלט, זיך פֿאַרשריבן אין דער חבֿרה הינטשלעגערס“.

איינ אַכמערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אײַן,

י

-

זיך ~געיאַכמערט. זיך אַליין אַרײַנטרייַבן אין קלאָגן, וויינען, טומלען. זיך א, און ניט קענען זיך באַרואיקן.

איינ אָכן — טרוו. יאָך אײַן, ~געיאָכט

פֿאַרי

.

--

יאָכן. צוגעוואוינען צו אַ יאָך. א, די פֿרײַע מענטשהייט. מיט ז י ך — א, זיך בײַ דער גאַנצער משפּחה.

1167

אײַניאָלדעווען — טרוו. ־דעווע אײַן, ~ געיאָלדעוועט. ווואוילינגעריש. אײַננאַרן, אַרײַננאַרן. מאָכן עמעצן פֿאַר אַ יאָלד. א, דעם קאַצאַפּ, ער זאָל שטעלן ביר.

איינ אָמערן — טרוו ־ער אײַן, ~געיאָמערט.

,

.

--

1. אויסדריקן פֿאַר עמעצן אַ ווייטיק מיט אָ געיאָמער. א, אין מאַמעס שויס דעם ווייטיק.

א, ווי אין אַ מאַמע דאָס ביטערע האַרץ.

2. מאַכן מע זאָל אַרײַננעמען, אײַנזאַפּן געיאָמער. ווירקן מיטן יאָמערן. „נישט אַלע ניויאָרקער ייִדן זײַנען געקומען א, אין זיך דאָס דאָזיקע קלאָגליד [די ייִוואָ־אויסשטעלונג וועגן וואַרשעווער געטאָ]„, יג, טמז, 3 XI l963.

אײַניאָנצן — טרוו. יאָנץ אײַן, ~געיאָנצט. ווואוילינגעריש. אײַננאַרן, אַרײַננאַרן.

אַרײַנקריגן אין אַ שווינדל. אַרײַננעמען אין אַ געשלעג און גוט אָנשלאָגן. א, דאָס פּעטע איידעמל.
אײַניאָקל — אוטוו & טרוו ־קל אײַן, ~ געען .
יאָקלט. (גנבֿים־שפּראַך) אײַנבּרעכן. א, (אין) אַ טיר, אַ פֿענצטער און אַרײַנכאַפּן זיך אין אַ דירה. אויך מיט ז י ך.
איינ אָדיק — אַדי. פּפֿ: ~יעריק. 1. וואָס
י
איז אַלט איין יאָר. אַן א, קינד און רעדט שוין.
2. וואָס וואַקסט נאָר אין משך פֿון איין יאָר.
א'ע געוויקסן. א'ער קאָרן. „אַן א', 5־10 צענטימעטערדיק צווײַגל מיט 3־־—5 בּלעטלעך„, י. ראַסיין, די שענסטע צימער בּלומען, קאָוונע 1932.
איינ אַרמען — טרוו. ־מע אײַן, ~גע אַרמעט.
י י

--

דזוו אײַניאָכן, ספּעצ וועגן בּעלי־חיים. א, די יונגע קליאַטשע. אָפּט מיט ז י ך — א, זיך מיט אַן עול אויפֿן האַלדז.
איינ אָרן — טרוו. יאָר אײַן, ־געיאָרט. נעאָל.

י

--

פֿאַרציִען אויף (ס'זאָל עקסיסטירן) יאָרן
פֿאַר־
.
שלעפּן אויף אַ יאָר צײַט. לײַען אויף עטלעכע
וואָכן און א, דעם חובֿ. מיט ז י ך — א, זיך
בײַ עמעצן ווי אין טאַטנס שטובֿ.
אייניגערמאַסן — אַדוו. דײַטש. נר. ביז אַ
געוויסער מאָס. „איר שיין געפֿאָרעמט געזיכט
האָט געצײַגט, אַז זי איז א, אינטעליגענט„, י.
באָוושאָווער, בילדער און געדאַנקען.
אײַניובקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אײַן, זיך
~געיובקעט. <יובקע = קליידל (מיט
גראָבער קלאַנגיקער אַסאָציאַציע). (שפּאַסיק, גראָבֿ)
אײַנליבן זיך. א, זיך אין אַ באָנטע.
אייניויזלען — טרוו ־זל אײַן, ~געיויזלט.
—
.
לר (ווילקאָמיר). אַרײַנברענגען אין קריסטלעכן
גלויבן. „דער משומד דער מיסיאָנער איז
געקומען א, אַ יִדישע נשמה“.
אייניויכצ(ע)ן — טרוו. יויכץ (־צע) אײַן,
--

~געיויכצ(ע)ט. 1. דזוו אײַניאָמערן. 2.
מאַכן מע זאָל אײַנזאַפּן גרויסע פֿרייד. ווירקן מיט
אויסרופֿן, געשרייען פֿון פֿרייד, גרויסער הנאה.
א, אין אונדז די גוואַלדאָוונע נצחונות פֿון די
פֿוטבאָליסטן.
אייניוירן — יויר אײַן, ~געיוירט. אוטוו —
-
אָנהייבן יוירן. „דאָס טייג האָט שוין אַ ביסל
אײַנגעיוירט. האַלט עס בײַם אויוון, ביז עס

איינים

ועט אינגאַנצן אויסיוירן“. טרוו — מאַכן עס
זאָל אָנהייבן יוירן. א, ווײַן און אים גלײַך
טרינקען.

-
אײַניום־טובן — [... יאָנטעוון] יום־טוב אײַן,

-
י־,געיום־טובט. אוטוו — איבערזײַן ד

יומטובֿ־צײַט. א, בײַ משפּחה ביז איבער
שׂמחתתּורה. טרוו   אַרײַנבּרענגען אין שטימונג
----.
פֿון יום־טובֿ. א אַ פֿאַרטרויערטן אַלמן. אויך
,

מיט ז י ך.
אײַניונגאַטשע(ווע)ן — טרוו. ־טשע(ווע)
אײַן, ⃞ י.,געיונגאַטשע(ווע)ט. מאַכן פֿאַר אַ
יונגאַטש. אים אַלץ נאָכגעבן און א, דעם בחורעץ.
געוויינטלעך מיט ז י ך — זיך א, און ווערן אַ
הפֿקר־יונג.
אײַניוקסן — טרוו. יוקס אײַן, ⃞ .־,געיוקסט.
(זאַמעט, קורלאַנד). אײַנבּרודיקן. מאַכן עס
זאָל ווערן (אַ) יוקס, גאָרנישט, אַ שמאַטע. א,
אַ קליידל וואָס מע קען נאָך טראָגן.
אײַניהוסן — [... ייִ'כּעסן] טווו. יחוס אײַן,
~געיחוסט. פּפֿ: ⃞ י.,ייִהוסן.   אַרײַנבּרענגען
.
עמעצן אין אַ יחוס, אויף אַ העכערער מדרגה
אין געזעלשאַפֿט. מאַכן פֿאַר אַן אייגענעם אין
אַ יחוסדיקן קרײַז. ,,ער איז אַ לערנער, דאַרף
מען אים א',,. געוויינטלעך מיט ז י ך — זיך

א', זיך אײַנקויפֿן אין חבֿרה ש,,ס. א. זיך אַז מע געהער(ט) צו רשיס אייניקלעך. א, זיך מיטן פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם. ~יהסנען — דזבּ.

אײַני□דישן — טרוו. ייִדיש אײַן, ~געייִדישט. נעאָל. מאַכן צום טייל פֿאַר אַ ייִדן. מאַכן עס זאָל זײַן אָדער אויסזען מער ייִדיש. כאָטש אַ בּיסל א, זייער גויאישע היים. א, דעם איטאַליענישן איידעם. אויך מיט ז י ך.

אייני□רן — ← אײַניוירן.

-

אײַני□תורן — [... ייִטערן] טרוו. ייִתּור אײַן, □,געייִתורט. פּפֿ: □...,,יתורן. צושנײַדן אַזוי, עס זאָל אַרויסקומען יתּור פֿאַרן בעל־מלאָכה, אָדער אַ שטיקל שטאָף פֿאַר נאָך עפּעס. צושנײַדן אַ גאַרניטער און א, אַ היטל. א, אַ קראָגן, אַ קראַגן.

אייניך, ־קייט — [ד'?] ← אייניק, אייניקייט.
,,... שמעון ולוי אחים דשׂ זיא אַלש בּרידר אייניך זײַן... שמעון ולוי... דיא אייניכקייט פֿון זיא", ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבֿז, תּורת משה, קאַרלסרוע 1770.

אײַניכלען — [... יאָכלען] טרוו. יכל אײַן, □,,געיכלט. דזוו יכלען, קענען (גוטמוטיק,

גראָבלעך) האָבן כּוח צו עפּעס. ,,אויב מע קען עס נאָר א', מעג מען עס איַינאַכלען", רייד (מאָנטעוּוידעאָ).

איינינקע(ר) — אַדי. צפּ פֿון איינע(ר).

1. איינציק. אַן א'ר בײַ טאַטע־מאַמע, אַ בןיחיד. 2. איינזאַם. קומט געוויינלעך מיט אַ ל י י ן. זיך לאָזן אין וועג אַרײַן א'ר אַליין.

,,זי זיצט שוין א, אַליין אפֿשר אַ יאָר צען".

,,אַליין... אַליין... גאָר א'ער אַליין", מק.

,,אין מיטן נאַכט א'ר אַליין", מאנ.

איינ׳ס — דער, ־ן. דזוו אַנ׳ס (←).

איַיניסורימען

איַיניסורימען — [... ייִסו'רימען] טרוו. יסורים איַין, ~געיסורימט. 1. פֿאַרשאַפֿן אַ סך יסורים, ווייטיקן, צער. "אוי, ווי קינדער קענען עס א, טאַטע־מאַמען,,. 2. צוגעוואוינען צו יסורים. א, די ▯ [אַראָרעמטע, די פֿאַרשטויסענע.

אויך מיט ז י ך — אומזיסט־אומנישט א, זיך.

איניעדע(ר) — ← אַיעדע(ר). ,,דיא ווײַבר... א, וויל זיך מיט געוואַלט פֿאַרגלײַכען צוא דיא

אַנדרע,,, ר, יצחק האַמבּורגער איבּז, t יח
יצחק, לעמבּערג l876.
אייניעטן — טרוו. יעט איַין, ~געיעט. אַ
-
בּיסל, טייַלווייַז אויסיעטן. א, דעם גאָרטן און
לאָזן די קראָפּעווע.
איַיניענטען — טרוו. ־טע איַין, ~געיענטעט.
לר: י.,יענטענען. מאַכן מע זאָל זיַין (אָדער
אויסזען ווי) אַ יענטע. א, דאָס מיידל אין
פּאַטשיילעס. מיט ז י ך — זיך אויפֿפֿירן ווי אַ
יענטע, אַ פּיל־רעדערקע, אַ בּאַרעדערקע.
געקומען אין שטעטל און דאָרט זיך איַינגעיענטעט.
אייניעריק — אַדי. דזוו אייניאָריק ←. סובּ:
א'ער — עסטרייַכישער סאָלדאַט וואָס האָט
געדאַרפֿט דינען נאָר איין יאָר, ווייַל פֿרייַוויליק
אַרייַן אין אַרמיי און געהאַט אַ מאַטורע.
אייניערלעך — אַדי. וואָס איז נאָר איין מאָל
אין יאָר. אַן א'ער גרויסער י(אַ)ריד. א'ע
צאָלונגען, ראַטעס.
אייניק — אַדוו. .Mhd: einec קומט
געוויינלעך מיט ז יַ ן & וו ע ר ן [קען בּאַטראַכט
ווערן ווי אַ צזו]. 1. אין אַ הסכּם; אין אַחדות.
מיט דער זעלבּיקער מיינונג. איינשטימיק. אין

האַרמאָניע. (ניט) זײַן א'. א, ווערן מיטן פּרײַז.
„דרום דאז זיא ניט קונטן אייניג זײַן, וועלכי
דיא דא נון דער קאַצן דיא שעלן זאָלט אַן
הענגן„, ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686. „בתוך זמן
,
קצר איזט פֿאַר ריכט גיווארין אונ, ער מיט
זײַני קרידיטדריס אייניג גיווארן“, גה, 229.
„מיט צוויי שלאַפֿע כּוחות צו ווערן א, איז
פֿאַר דעם מענטש נעבעך אַ גאַנץ שווערע
זאַך“, עט, לידער. „שטאָטישע מבֿינים זײַנען
ניט א, געווען“, יד, א□ן נגף. „אויך די
שבֿתאים צווישן זיך זענען נישט א, געווען אין
זייער דעה“, באַש, דער □טן אין גאָרײַ.
קומט אויך מיט די ווערבֿן: מ אַ כ ן, בֿ ל
ײַבֿ ן אאַ. שווערן צו בלײַבֿן א'. לעבֿן א'. „ווען
מן מיט איינם עסט אונ, טרינקט דש מאַכט
די הערציר אייניג“, שאַר, ק. אויך סובֿ, דזוו
אייניקייט. „אַ שיין א, בײַ זיי: ווען ער זאָגט
יאָ, זאָגט זי לא“, פֿוול (בוקאָווינע, גאַליציע).
2. גלײַך, אַלצאיינס. לאָקל (קאַרפּאַטאָרוס).
„ניט אַלע מענטשן זענען א'“.
3. באַזונדער(דיק). אָפּגעטיילט. אַליין. „נאָר
אַ ציגײַנער־פֿאַמיליע לעבט א', דאָך אויך אין
בײַדל צוזאַמען“, יחיאל לערער, מײַן היים.

אייניק — אַדי. אַרכ. 1. איינציק. וואָס איז
בּלויז איינער. „אַלשׂ ער גיקומן איז אויז דעם
שטרײַט, דא האָט ער אויף גיאופּפֿרט זײַן
טאָכטר זײַן אייניג", יוסיפּון, אַמשט 1661,
שמח. "אחד איז טײַטש אייניג", ספֿר מנהגים,
אַמשט 1723, ב/א. „דער ווארהפֿטיגר,

אייני1168

גר... גאָט„, חה, אַמשט 1716, הקדמה, ט/ב.
„די חי"ת [אות ח אין אחד] בּיטײַט דשׂ ער איז
אייניג אויף זיבּן הימל און אויף דער ערדן„,
לט1, יא/א. "איינשׂ דאשׂ ווייש איך: אייניג
איז אונזר גאָט, דער דא לעבּט און, דער דא
שוועבּט אין דעם הימל און אויף דער ערד„,
עפּש, סידור תּפֿילות □ אַמשט, קמח/ג. "אייניגר
גאָט, דו זיצט אין דר הוך..."", דאָרטן, ו/א □
„געלויבּט איז דער א'ער גאָט", שיר היחוד ליום
חמישי פֿפֿדמ 1885, 17. „און איז באַזונדער

,

און איז א, / אין פֿינצטערניש, מיט ווײַסן
פֿלאַם", סוץ, אין מדבּר סיני.

2. וואָס איז בּלויז אין איין פֿאַל. „דיא
יהודים   פֿר בּאָטן איז און דיא (תּורה) אום

...
איינ יגי (כּבֿוד) צו בּווײַזן צו דיא בּילדר,,, שאַר, קכב/ב.
איינ יק — דער, ־עס. (שפּאַסיק)
פֿאַרגרעסערפֿאָרעם פֿון איינ יקל, ספּעצ ווענג אַ גרויסן

בּחור. ,,איך האָבּ זיך הײַנט פֿאַרגונען
אָפּצורופֿן דעם א', שלאָפֿט ער גאָר אין סאַמע מיטן
טאָג‘‘, רייד (נ,,י). ,,כליפּעט דער זקן: ווייסט
ניט מײַן א',,, י פֿרידמאַן, ,יונתן'. ,,אין 'זימני

פֿאַלאַץ, גראָזניס א, — זיצט דער געקרוינטער
סאמאָדור,, פֿײַנ, איק ר,,ה תּשי‘‘ח.
-
,
איינ יק־איינ יקלעך — אַדי. אַרכ. איינציק.
איין־און־איינציק. ,,און, צו אייבּיקייט ווערשׂטו
זײַן אַליין און, איינ יג איינ יגלעך, און, קיינר
זונדר דיך ווערט רעגירן דיא וועלט און, יעני
וועלט,,, עפּש, סידור תּפֿילו , אַמשט תק‘‘ח, ג/ג.
איינ יק־איינציק — אַדי. איין־און־איינציק.
,,ניט איך בּין אַ בּעל־מופֿת... 'עושׂה נפֿלאות

לבַדו', נאָר דער א'־א'ער קאָן באַווײַזן מופֿתים,,,
ד. י. זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען II,
ווין, יאָר?
אייניקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אייניקן (זיך). אַן א, נאָך אַ קריגערײַ.
,,(היחוד) דיא אייניגונג אונ, דיא פֿאָרכט צו
דעם דער דא לעבט איביג,,, מחזור ר״ה ויו״כ,
הומבורג 1721, קכה/א. ,,א'ס־טענדענץ אינעם
ייִדישן באַוואוסטזײַן,,, משה קליינמאַן, יודישער
קאַלענדאַר לשנת תּרס״ט, לעמבערג 1908. ,,אַלע
פֿאַרקערטקייטן ווילן זיך אויפֿדעקן: רייניקונג,
א,, אייביקונג ווילן זיי״, צײַט, גל II.
אייניקייט — די (דאָס), ־ן. 1. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ און פֿרט פֿאַל פֿון זײַן אייניק. אַחדות.
-
האַרמאָנישקייט. א, פֿון פֿאָלק. א, אין אַ חבֿרה.
,,אונ, בעלי זצ״ל האָט נאָך דעם עם ר, יודא
אין גוטיר א, אונ, פֿאַר טרויליכקייט גילעביט״,
גה, 120. 2. אַרכ. איינקייט, איינסקייט.
איינציקייט. אַלייניקייט. ,,ער איז איין איניגר גאָט,
... זײַן א, קיין גלײַכן האָט״, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט תק״ח, ד/ב. ״זײַנע [גאָטס]

אַנדערע הייליקע מידות זײַנען אַ פֿשוטע א,
ממש, וואָס דאָס איז זײַן עצמות און זײַן
מהות,,, תּניא, קעה.
אייניקל — דאָס (אויך: דער), ־עך.: Mhd
enikel. 1 .קינד פֿון אַ זון אָדער אַ טאָכטער.
,,ענקלין — נכד“, אבֿ, שמות דבֿריס, איזנע
1542. ,,נין — עניקל“, ▯)בֿ, י/א. “צוויי שיינע

אייניקל

א'עך ווי צוויי אויגן אין קאָפּ,, פֿוול. ,,אַן א,
,
האָט מען ליבער (מער ליבֿ, מער האָלט) ווי אַן
אייגן קינד“, שוו [די 'ראַיה': יעקבֿ אָבֿינו האָט
פֿריִער געבענטשט יוספֿס קינדער איידער ער
האָט געבענטשט זײַנע אייגענע קינדער]. ,,אַז
מע האָט איין א', האָט מען צוויי קינדער,,, שוו.
,,אַן א, איז אַ ימח־שמוניקל,,, שוו [לד מיטן
גראַם: ,,... שמייניקל“. בּ▯ מע פֿאַרציט אַן א,
און מע מאַכט אים קאַליע]. ,,מיט אַן א, איז
גוט זיך צו שפּילן, אָבער ניט אים אויפֿצוציִען,,,
שוו. *א'עך ווי אפֿרים און מנשה = גוטע א'עך.
*האָבן רשיס א'עך = תּלמידי־חכמים, לערנערס.
*רחבֿ הזונהס א, = אַן א אַן אויסוואָרף. *דעם

,
אייבער אייכלס אַן א, ← אייבּער, 1050.
*באָבּע צוואָקלעס (בּרײַנעס) א, = אַ ווײַטער קרובֿ. אַזוי אויך. פֿערד־פֿוס־פּאָדקעוועס א,.

.
שפּאַסיק. פֿאַרוואָס האָט מען האָלט אַן א, (מער I ,,
ווי אַן אייגן קינד)? — ווײַל דאָס איז דעם שׂונאס אַ שׂונא,, פֿוול. ,,מן פֿינד זעלטן דאשׂ

,
איינר איז רײַך און זײַני קינדר זײַנן אַך רײַך,
און זײַנן זײַני קינדר אַך רײַך, זוא זײַנן זײַן איינִיקליך ניט רײַך“, לט1, מג/א. ,,מענכר טוט זיך זער בּמיאן, איין עניקליין אודר טוכטר קינד צו דער ציהן,,, צוכט. ,,זאָל האָפֿונג האבּן צו רשי דז זיא אירן איינוקליך צו תּורה ומעשׂים טובֿים זול דר ציהן,,, מנקת רבֿקה, שער ששי. ,,אויסצושיילן פֿון אונדזער בּיין און בּלוט אַ דור מיט קינדער און א'עך — אַ לעבּעדיקע ראָד“, מל, 'גאָטס חסד'.
א'־ו ו ע ל ד ל — קליין וועלדל וואָס וואַקסט אויס לעבּן אַ גרויסן וואַלד. ,,עס איז אַ גוט, געבּענטשט מיט כּל־טובֿ סלה: פֿון יונגע א'־וו'עך מיט לײַכטע בּעריאָזקעס בּיז אַלטע

מאָכיקע וועלדער מיט הויכע סאָסנעס„, בּ. שקליאַר, אויף פֿאַלשע וועגן, קאַונאַס 1939.

2. ווער עס שטאַמט אָפּ פֿון אַ יחוסדיקער משפּחה, ספּעצ פֿון אַ חסידישן רבּין פֿון אַ

,

חסידישן צדיק. אַן א, סתּם — געוויינלעך אַ רבּיאיש א'. אויך: דעם... רבֿס אַן א'. „אַ כּלי שלמה... דעם אַלטן רבֿס אַן א', אַ קאַטאָוועס אַזאַ משפּחה, לויטער בּערן„, ממוס, פריזיוו. "די מעזשבעזשער יידן רעכענען זיך פֿאַר אמתע געבּוירענע בּלוטיקע א'עך", ספּ. "ער איז ניט עפּעס אַן א', — האָט ער ניט זכות־אָבֿות?", פּרץ, בּילדער און סקיצן. [געוועזן קינדער, א'עך און סתּם משפּחה־לײַט פֿון פּאָפּולערע חסידישע צדיקים וואָס פֿלעגן אַרומ— לייַבּן געלט פֿאַרן 'הויף, פֿאַר קהלשע סאָרן ק , באדערפֿענישן (כּלומרשט) פֿון דעם פֿאַר— . — בּינדונג מיט: חשובֿער אָרעמאַן און גלײַכצײַטיק אויך איר בּאַציאונג]. „וואָס שטייט דאָרט עפּעס אין ווינקל אַ ייִד, איז דאָס אפֿשר ניט אַן א'", קמ, 5 1870, No. „[ייִדן] האַלטן דאָך אויס אי עגונות, אי נשׂרפֿים, אי אורחים און

א'עך", ממוס, 'צוריק אַהיים'. „זאָל ער גיין צו די בכּבֿודע אָרעמעלײַט... זאָל ער גיין צו די א'עך, נשׂרפֿים. אונדז זענען פֿראָסטע בעטלערס", ייִז, 'צווישן בעטלער'. [דז אויך וועגן יחוס פֿון ירושלמים] „... אונטערן קאַפּעלוש פֿון אַן אָרעמען ארץ־ישׂראל־א'„, מרדכי

אָסאייניקן

טראָונסקי, אַ מענטש אָהן אַ קאָפּ, זשיטאָמיר

.187

איר וועגן יחוס: אַ טאַטנס אַן א'; אַן א, פֿון דעם רבין ר, צאָץ (ר, צאָצ(ע)ס אַן א,). אויו: ר, צאָצעלעס אַן א'; אַ (דעם) בעל־שמסקע(ר)

א,. דעם גיד־הנשהס, דעם שומר־בגדימס, דעם דובֿר־שקרימס, דעם זולל־וסובֿאס אע א,. [די אַלע אויסדריקן קלינגען כלומרשט ווי נעמען פֿון פֿרומע, רבנישע ספֿרים, און מע האָט דאָך דעם מחבר גערופֿן מיטן נאָמען פֿון זײַן חיבור.] אויך: ער מיינט, ער איז גראַף פּאָטאָצקיס א'. עפּעס רעכטס, ווי דעם פּויזנער ובֿס אַ לייַבלעך א'.

־שאַפּט — נעאָל. ,,ווײַטע א'שאַפֿט אַזש

פֿון דעם זיידן שם,,, ש. בּיקל, טמז, 1954 י2 I.
איייניקן — טרוו. אייניק, געאייניקט. אַדכ.

1. מייחד זײַן. שאַפֿן אַן איינס. פֿאַראייניקן. בּאַהעפֿטן. ,,איינר, דער גאָט אייניגט מיט זײַן הערץ און, צונג, און, פֿר שטיט וואָשׂ ער זאָגט...", חה, אַמשט 1716, יב/ב. ,,און, אייניג אונזר הערץ צו האָבּן ליבּ דיך און, פֿערכטן דײַן נאמן", קהלת שלמה, אַמשט 1744, עז/א ,,הקבּ"ה אייניגט ניט זײַן נאמן אויף דען בּיזן,,, טח, בּראשית, א, 5. ,,דאָס טראַכטונג פֿון מײַן האַרץ זאָל זײַן לרצון פֿאַר דיר, גאָט מײַן בּאַשעפֿער, וואָרעם דאָס איז אַ גרויסער יחוד צו א, דאָס מויל און דאָס האַרץ אינאיינעם,,, קה. "... דער אייניקער גאָט און ווערט געאייניקט,,, שיר היחוד ליום חמישי פּפֿדמ 5 פֿ18, ז, 17. ,,איך דערלאַנג דיר די האַנט, ווײַל עס אייניקט דאָ אונדז בּיידן דער פֿאַרבּיקער מאָרגן,,, סוצ, וואַלדיקם.

2. מאַכן עס זאָל זײַן איינציק, אייניק (←). ,,דאָס ליכט פֿון דעם שׂכל וואָס דער בּאַשעפֿער

האָט אים [דעם מענטשן] מיט דעם גראייניקט", חה, ווילנע תּרפּ"ד, שער הבחינה, פּרק ד.
3. לויבן און באַשטעטיקן דעם אחד. „איך וויל אייניגן גאָט פֿון הימל און, פֿון ערדן אַלי טאָג צווייא מאָל", תּפֿלה למשה..., דעסוי 1696, קסה/ב.

אייניקן זיך — קזוו. ← דפֿוו. 1. קומען צו אַ הסכּם, צו אַ פֿאַרשטענדעניש. צונויפֿרעדן זיך. מושווה ווערן. דורכקומען. אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, אַבי זיך געאייניקט. א, זיך א י ן מיינונגען פֿריִער זיך אַמפּערן, דערנאָך זיך א'.

.

א, זיך מ י ט ן קאָנקורענט, מיט די חבֿרים אאַזוו. 2. פֿאַראייניקן זיך. צונויפֿקומען זיך פֿון אַלע פֿיר עקן וועלט און א, זיך פֿעלקער

. ,,

בײַם פֿרעס־טיש קענען זיך ניט פֿאַראייניקן, אָבער בײַ אַ תּענית־ציבור קען מען זיך א',,,

,

ח. גוטמאַן (דער לעבעדיקער), זבֿ, די שטימע פֿון טאָל, נ,,י 1940.

3. ארכ. זײַן (געפֿינען זיך) אַליין מיט נאָך עמעצן. „איין פֿרויא טאָר זיך ניט אייניגן אין איין חדר מיט איין פֿרעמדן מאַן", צאינה,

מגילת רות, קסג/ג.

אייניקע — צאָל פּראָ במ. עטלעכע.
געציילטע. אַ צאָל. (אַ) טייל. אַ קליינער טייל, אַ היפּשער טייל. אומבאַשטימטע, ניט־גרויסע צאָל — א גרעסערן סכום פון אַ גרעסערער גרופּע.
פֿרן ־ ,

1169

דטשמ, אָפּט געניצט. „זיבן יאָר... האָבן ביי אים [יעקבֿן] אויסגעזען ווי א, טעג“, קמ, 1870, No 43. „... אויסבעסערן, אויסרייניקן [ייִדיש] פֿונעם מיסט, וואָס א, אומגעבילדעטע און טאַלענטלאָזע קליינע שרייַבערלעך... האָבן אָנגעמאַכט“, אבג, ייִפֿאָל, 1 ,1888 No. „ביי יעצטיקע צייַט א, זאָלן זאָגן אַ דעה אין אונדזערע אַלטע מנהגים“, שמו פלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבערג 1893. „אומגליקלעך מאַכן א, מיליאָן ייִדן„, יהל, די קאָלאָניסטן II, וואַרשע 1899. — אַך, וואָס סאַר אַ שיינע כלה! —

-

האָכן אַלע באַמערקט. — וואָס פֿאַר אַ שיינע מחותּנים! — האָבן א, געזאָגט,,, ספּ, סודות.
,,צווישן די פֿאַרשוינענע זעט מען א, מיט איבערגעבונדענע קעפּ, מיט אונטערגעבלויטע אויגן,,, שע, אין שטורעס. ״דער טאַטע איז אים פֿאַר א, יאָר געשטאָרבן,,, אַש, 'מאָטעלע'. ״נאָך אינעם טאָג פֿון זײַן קומען אויסגעקומען זען זיך מיט א, ראַקיטנער אײַנוואוינער,,, בערג, אָפּגאנג. ״א, אותיות פֿלעגט ער אַזוי... אויסצאַצקען... אַז מע פֿלעגט זיך כּסדר חידושן,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן. ,,דערפֿון האָט א, אַרומגעכאַפּט אַ סאַרקילונג און זיי האָבן

געקריגן דאָס קדחת רבֿיעית,,, באַש, דער ▯טן אין גאָרײַ. [״מיר האָבן ניט געזאָגט אַז מע ניצט דעם פּראָ א', בלויז רעקאָמענדירט אַז מע זאָל עס ניט ניצן, וואָרעם עס פֿאַראָרעמט די שפּראַך און דריקט אומפּינקטלעך אויס דעם סכום, בעת ייִדיש פֿאַרמאָגט בעסערע און עקזאַקטערע אופֿנים איבערצוגעבן דאָס זעלביקע,,, ימ, ייִשפּ

אייניקער — דער. מצ נבֿ. וונ נבֿ. ווער עס
פֿירט דורך אַן אייניקונג, העלפֿט אייניקן זיך.
בורר. „ווילסט ווערן אַ דריטער, אַן א, אין אַ
קריגערײַ צווישן מאַן און ווײַב?“. אַרכ אויך
דיין. „והביא לפֿני האייניגער, ר״ל דיין העיר„,
'שו„ת מהרי, ווייל', ווענעציע 1549 [הש I].
אייניקערמאַסן — דזוו אייניגערמאַסן. נר.
אײַניקרנען — [... יאַקרענען] טרוו. יקרן
אײַן, ~געיקרנט. אַרײַנטרײַבן אין הויכע
פּרײַזן. מאַכן אַ יקרות אויף עפּעס. א, די
אויסלענדישע סחורות. „די טריקעניש האָט
אײַנגעיקרנט תּבֿואה„..
אײַנירשען — [... יאַרשען] טרוו. ירשן (ירשע
אײַן, ~געירשנט (~געירשעט). אויך: ~
ירשענען. איבערנעמען על־פּי ירושה. א, אַן
אוצר. „האָב־און־גוטס האָט ער אײַנגעירשנט
פֿון דער משפּחה און די חוצפּה איז אַן
אייגענע„..
אייני שבֿע(נע)ן — [... יאַשווע...] טרוו.

ישבֿן, ישבֿע אײַן; ~געישבֿנט, ~געישבֿעט
אײַנזעצן אין תּפֿיסה, אייפֿ. „דער סודיאַ [=
ריכטער] האָט מיך שוין וויפֿל מאָל געוואָלט א,

פֿאַר אַ בילבול,,, פּרץ, בילדער און סקיצן.
,,דעם מאַן האָט מען אַרעסטירט און איַנגע
זעצט אין טורמע... נאָכדעם ווי מ'האָט
איַנגעישבֿנט דעם מאַן, האָט [זי] אַליין געפּרוּווט
פֿירן די גרענדע", באַש פֿאָר, 31 1958 I.

איינישנען — [... יאָשנען, ... אַשנען?]

--

איַנכאָווען

טרוו. ישן איַן, ~געישנט. (אין פֿאַרשטעלטן
לשון, אַ קינד זאָל ניט פֿאַרשטיין. אייפֿ וועגן
אָ שיכּורן) איַנשלעפֿערן. באַלייגן שלאָפֿן. ,,ער
איז מלא, מע דאַרף אים א"".

איינכסען — [... קויסען] טרוו. כּוסע איַן,
-
~געכּוסעט. (גוטמוטיק, אייפֿ) אַריַנטרינקען
(אַן אַלקאָהאָלישן געטראַנק). א, אַ פֿלאַש און
אַ פֿלעשעלע.

-

אײַנכזבנען — [... קאַזװוענען] טרוו. כזבֿן אײַן, ~געכזבֿנט. אַרײַנבראָקן, אַרײַנהאַקן אַ ליגן (ליגנס). "געזעדט מיט ברען און אײַנגעכזבֿנט עפּעס אַ מעשׂה נורא".

אײנכישופֿן — טרוו. כישוף אײַן, ~ געכי־־
שופֿט. אַרײַנברענגען אונטער דער השפּעה פֿון כישוף, (אַ ביסל) פֿאַרכישופֿן. א, די בחורים מיט איר שײנקײט.

אײַנככהוװען זיך — [... קאַכעװען] אוטוו. איצ, אימפּ נב; זיך ~געככהוועט. נעאָל, א,,י. אײַנלעבן זיך, װערן הײמיש. ,,קײן שום ישׂראלי באַגײט זיך ניט אָן אַ ככה... מע פֿרעגט אַ נײַעם עולה: 'נו, װאָס הערט זיך? איר האָט זיך שוין אַ ביסל אײַנגעככהוועט?, עס הײסט: איר האָט זיך שוין אַ ביסל צוגעוואוינט צום היגן שטײגער?,,, צײַט, טמז, 29 1963 XI.

איינכלליק — [... קלאַליק] אַדי. וואָס איז
פֿון איין כלל, האָט נאָר איין כלל. א'ער יסוד
□[ון קלאַנגענבײַט. אַ גרינגע א'ע □ עניטונג.
אײַנכעסן— [... קאַ'(ע, אַ)סן] טרוו. כּעס אײַן,
□,געכּעסט. אַרײַנברענגען אין כּעס. א, אַ
גוטן פֿרײַנד און ווערן שׂונאים. א אַ לעמעשקע.
,

מיט ז י ך — ווערן אין כּעס. א, זיך איבער
אַן עוולה (איבער אַ גאָרנישט אאַזוו).
איינכּפֿלען — [... קייפֿלען] כּפֿל אײַן, ~
גע־־
כּפֿלט. דזוו כּפֿלען, אויסכּפֿלען. מולטיפּליצי□
רן. א אַ פֿירציפֿערדיקע צאָל אויף אַ
דרײַצי,

פֿערדיקער.
איינכּפֿתורן — [... קאַפֿטערן] טרוו. כּפֿתור
-
אײַן, ~געכּפֿתורט. כּפֿתור = קנאָפּ. (
גנבֿימשפּראַך) אַרויסגנבֿענען פֿון עפּעס וואָס איז
פֿאַרמאַכט פֿאַרקנעפּלט. אַרײַנקריגן עפּעס פֿון
— — ,

אַ פֿרעמדער קעשענע. א, פֿון אַ בײַטל עטלעכע פּאַפּירלעך.
איינכשרן — [... קאַשערן] טרוו. כּשר אײַן,
-
~געכּשרט. כּשרן אַ טייל. א, די כּלים און איבערלאָזן נאָר עטלעכע גלעזער.
איינכתבֿ(ע)נען — [... קאַסוועגען] טרוו.
--
~כּתבֿן, כּתבֿע אײַן, ~געכּתבֿנט, ~געכּתבֿעט.
1. איר וועגן אײַנשרײַבן. א, אַ גוטע פּאָר ווערטער. 2. רעגיסטרירן. אײַנמעלדן. 3. וואויליונגעריש. אָנבּרעכן די ביינער (← אײַנמעלדן, בּ4).

-
אײַנכּתיבֿהן — [... קסיווען] טרוו. כּתיבֿה אײַן, ,געכּתיבֿהט. אײַנשרײַבן מיט געצאַצקעטע אותיות, מיט אַ ספּעציעלן כּתבֿ. א, אין דעם געדרוקטן דאָקומענט דעם נאָמען.
איינכאָווען — טרוו ־ווע אײַן, .־,געכאָוועט.
-
1. אײַנהאָדעווען. א, אַ וואַזאָן. א, בלומען.

אײַנכאָליען

2. אײַנפֿיטערן. אַ געוויסע צײַט גוט דערנערן.
א, דאָס איידעמל, דעם מעגענע. ־עניש.
איינכאָליען — טרוו. ־ליע אײַן, ~געכאָליעט.
-
(שפּאָסיק) אײַנהאָדעווען, אײַנפּאַשען. א, אַ פּאָר
פּיסקעס.
איינכאַסן — טרוו. כאַפּ אײַן, ~געכאַפּט.
--
1. אַרײַנכאַפּן פֿאַרכאַפּן. א אַן אומשולדיקן

, ,

אין דער נעץ. „די מאַשין האָט אײַנגעכאַפּט זײַן
האַנט“. „די כאָלערע האָט אײַנגעכאַפּט דעם
גאַנצן געגנט“, רייד (וואָ). 2. אַרײַנקריגן גיך
און אויף ניט קיין ערלעכן אופֿן. א, געלט. א,
דעם בעסטן חלק. א, ניט קיין כשר פֿאַרדינסטל.
3 פֿאַרנעמען, צונעמען מיט כוח פֿאַלשקייט,

, .

מיט אַ קונץ אע. א, די ערשטע פלעצער כדי
צו שטערן דעם רעדנער. וועלן א, די ו ו ע ל ט.
4. גיך עפּעס טאָן אין אײַלעניש. א, דאָס
דאַוונען. 5. ריידן גיך און אומקלאָר. א, ווערטער.

6. מאַכן קירצער (קלענער, שמעלער) ווי מע דאַרף. בײַם אַרומזוימען א, דאָס קלייד. בײַם הובלען א, אַ ברעט. *א, די טאַליע = על־פּי טעות מאַכן שמעלער ווי עס איז נייטיק. *א, אין דער טאַליע = מאַכן שמעלער, ווײַל מע דאַרף אַזוי.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש — „ווער איז דײַן כּלה. אַז דאָס איז אַזאַ גרויס א'! אַ גרויסע

מיוחסת? אַ גרויסע יפֿת־תּואר?„, ג. ח. לעוונער, די באַשערטע פּאָר, ווילנע 1898. אויך אַ קללה: „אַן א, [= מגפֿה] זאָל אויף זיי קומען!“ ־ער

(־קע). ־ערײַ.

איינכאַרקען — ← אײַנכראַקען.

-

איינכודער־מודערן — טרוו. איצ, אימפּ נב;

-

~געכודער־מודערט. אײַנזעצן אין תּפֿיסה. א, עמעצן פֿאַר יענע מעשׂים־טובֿים.

איינכוואַליען — טרוו. ־ליע אײַן, ~

געכוואַ .

ליעט. מאַכן (ווי) כוואַליעס. א, דאָס וואַסער.

מיט ז י ך — דער ים כוואַליעט זיך אײַן.
אײַנכוואַצקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אײַן,
זיך ~געכוואַצקעט. פּפֿ: ~כוואַט(סק)ען
זיך. אָנהייבן באַווײַזן כוואַצקע שטיק, מעשׂה
כוואַט, אײַנשטעלעריש. א, זיך און שטעלן אויפֿן
גאַנצן באַנק (בּ□ אַ קאָרטנשפּיל). „האָב איך
י
זיך אײַנגעכוואַצקעט און געקומען צו איר מיט
בלומען“.
איינכוכען זיך — אוטוו. ־כע זיך אײַן, זיך
□-
~געכוכעט. 1. אײַנפּעלצן זיך. אַרויפֿשלעפּן
אויף זיך אַ סך מלבושים. א, זיך ווי אין אַ
גרויסן פֿראָסט. 2. אײַנשטויבן זיך. שלעפּן
זעק מעל און זיך א'.
איינכיליען — ־ליע אײַן, ~געכיליעט. אוטוו
□
— אָפּגעשוואַכט ווערן אין אַ גרויסער מאָס. א',
ווערן ווי אַ שאָטן. טרוו — אָפּשוואַכן. דער
הונגער האָט זיי אײַנגעכיליעט. מיט ז י ך —
א, זיך פֿון אַלטקייט.
איינכיקען — טרוו ־קע אײַן, ~געכיקעט. פּפֿ:
—
.

~כיטקען. איַנשנײַדן אין האַלדז. א, אַן
עוף. מיט ז י ך

אײַנכירען — אוטוו. ־רע אײַן, ׀ ,געכירעט.
פּפֿ: ~כערען. (אומאיידל) אײַנדרעמלען. א,
ווי אַ זקן, זקנה.
איינכל(י)אָבען — טרוו ־בע אײַן, ~
גע—
.
כל(י)אָבעט. פּפֿ: ~כלאָפּטשען. 1. (
אומאיידל) אײַנזשליאָקען. אַרײַנטרינקען. א, אַ פֿולע
שיסל באָרשט. א, אַ ליטראָווע קענדל (מיט
סאַמאָהאָן. 2. אַרײַנעסן מיט אַפּעטיט, מיט
זשעדנעקייט. מיט ז י ך — 1. פֿאַרכליניען
זיך מיט וואַסער. 2. (פּראָסט, מיט ביטול)
אײַנליובען זיך. אײַנליבן זיך. „אמת... איר
זײַט מיר געווען געפֿעלן; איך וועל זאָגאַר ניט
לייקענען, אַז איך האָב זיך אין אײַך גאָר '
אײַנגעכליאָבעט'...„, דער ראַדיקאַלער מאַגאַזין,
נ"י 1905. „זי ציטערט אַז אויך איר מאַן זאָל
זיך ניט א, אין כאַסקען", חג, טמז, 1967 ׀ י14 I.
־עניש.
איינכלאַסקען — טרוו. ־קע אײַן, ~
געי

--

כל אַסקעט. פּפֿ: ,כליסקען. אײַנפּאַטשן,
י

אײַנשמײַסן. א, מיט אַ רוט.
איינכל אַען זיך — אוטוו. כל אַע זיך אײַן,
י י

-

זיך ~געכליאַעט. דזוו אײַנכל(י)אָבֿען זיך.
"... אַ שפּאַס אַז די חבֿרה כליאַען זיך אײַן,
דאָס איז דאָך אַזוי ווי אײַזן,,, טויבֿע סעגאַל,
עולם המעה, וואַרשע 1883 —עניש.
.
איינכל אַפּ(טש)ען — טרוו. ־פּע, ־טשע אײַן;
י

-

,געכליאַפּ(טש)עט. פּפֿ: ~כליאָפּ(טש)ען,
~כליעפּ(טש)ען. 1. אַרײַנזופּן,

אַרײַנאַכלען. אײַנכליאַבען. א, ווי אַ חזיר. 2.
אײַנבּרודיקן. אײַנחזירן. א, דעם גאַרניטער. מיט ז י ך —
1. בּאַגיסן זיך. בּאַנעצן זיך. 2. אײַנליבּן זיך.
,,אַ קינד האָט זיך א .נגעכליאַפּעט אין
לשונקודש! מײַנע אָבֿות אַבֿותינו האָבּן דאָס ניט

געוואוסט“, מאָל, פּאָר, 17 1958 III. ־עניש.
איינכל(י)אָרקען — טרוו ־קע אײַן, י.,
גע—   I
כּל(י)אָרקעט. אַרײַנגיסן כלאָר־וואַסער,
כלאָרזאַלץ. א, די וועש.

אײנכליוסען — טרוו ־פּֿע אײַן, ~געכליופּעט.
—   .
דזוו אײַנכל אַפּֿטשען. אַרײַנעסן מיט אַ געהילך.
ְ
אײַנכמאַליען — אוטוו & טרוו. ־ליע אײַן,
~געכמאַליעט. 1. אײַנפּאַטשן, אײַנשלאָגן. א,
(אין) זײַנע בּיידע בּאַקן. 2. אַרײַנפּֿרעסן. א,
אויף בּיידע בּאַקן. א, אַ שיסל גענדזענע
פּופּיקלעך.

איינכמאַרען זיך — אוטוו ־רע זיך אײַן, זיך

—

.

~געכמאַרעט. 1. באַדעקן זיך מיט כמאַרעס. דער הימל כמאַרעט זיך אײַן, פּונקט ווי פֿאַר אַ רעגן. 2. באַקומען אַ טרויעריקע פֿאַרדא, גהטע (פֿינצטערע) מראה. דאָס פּנים האָט זיך אים אײַנגעכמאַרעט ווי פֿון גרויסע דאגות. זן אויך אָן ז י ך , טרוו: „דער ווינט כמאַרעט אײַן דעם הימל“.

איינכמורען זיך — אוטוו ־רע זיך אײַן, זיך

—

-

..געכמורעט. ווערן כמורנע פֿאַרפֿינצטערט,

,

מיט אַ בייזן אויסזען. א, זיך און אָנהייבן שרײַען.

איינכעמזלען

לען. ‎ na ‎ eb ‎ : ‎ >.

— טרוו ־זל אײַן, ,   —

געכעמזלט. פּפֿ: ~כענז

אײַנלאָג

פּר (פֿיאָסק, שוולאָוו אאַ). אײַנצוימען,
אַרײַנלייגן דעם פֿערד אין מויל דאָס אײַזנשטיק פֿון
דעם צוים. א, דאָס פֿערד.
איינכערען — דזוו אײַנכירען.
--

איינכראָמסקען — טרוו. ־קע אײַן, ,

געכראָמסקעט. פּפֿ: ~כראָמשקען. אַרײַנעסן,
קנאַקנדיק מיט די ציין. א, אַ מערל.
איינכראַסקען — טרוו ־קע אײַן, ~
געכראַס—
קעט. פּפֿ: ..־,כראַסטען. לר. שטאַרק אײַנ..
בּרודיקן. א, די צורה. ,,צעפֿודערט דעם בּאָרד
און אײַנגעכראַסקעט,,, מ״ב מקאָוונא [
בּרעגאָווסקי], היטטאָריע — דער תּנאיס אָן אַ חתן,
ווילנע 1876.
איינכראָפּען — אוטוו ־פֿע אײַן, ~
געכראָ—
פּעט. אײַנשלאָפֿן מיט אַ כראָפּען, שנאָרכען.
,,אַ פֿערד אַז מע שפֿאַנט עס אויס... און מע
קאָרמעט עס אָן, כראָפּעט עס אײַן,,, חג, טמז,
.X 19 7 4

איינכראַקען — טרוו ־קע אײַן, ־ י.,
געכראַ—
קעט. 1. אײַנחזירן. אײַנבּרודיקן עפּעס מיט
פֿלעגמע, שפּײַעכץ. א, די גאַנצע פּאָדלאָגע.
2. אַרײַנכראַקען. אַרײַנשפּײַען מיט אַ געהילך.
א אַ פֿאַסקודסטווע אין פּנים אַרײַן.

איינלאָבּוסן — טרוו ־בּוס אײַן, ~געלאָבּוסט.
—
מאַכן עמעצן פֿאָר אַ לאָבּוס. צוגעוואוינען זיך
אויפֿצופֿירן ווי אַ יונגאַטש. „איר זענט אַליין
שולדיק. איר האָט אײַנגעלאָבּוסט אײַער
בּןיחיד“. געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך און
זיך ניט שעמען מער מיט די ווילדקייטן.
איינלאָג—דער, ־ן. פּפֿ: ~לאַג, נר. 1.

אַדערויף, האַנטגעלט. אײַנקויפֿן סחורה אויף בּאָרג,
איבּערלאָזן נאָר אַן א'. ת נ אַ י־א'. טערמיניקער
א, = וואָס איז גילטיק נאָר בּיז אַ געוויסן
טערמין.
2. דעפּאָזיט. וועכנטלעכער, חודשלעכער
אאַזוו א'. אַן א'־חשבּון אין פֿאָלקסבּאַנק. א'־בּיכל.
א'־צעטל. א'־אָפּעראַציע. יאָריקער א, מיט אַ
התחײַבֿות ניט אַרויסצונעמען פֿון בּאַנק איידער

עס גייט אַוועק אַ גאַנץ יאָר. „די לײַ־ און שפּאָרקאַסע קען אָננעמען א'ן אויף צו צאָלן צינזן פֿון אינסטיטוציעס און פֿון פֿיזישע פּערזאָנען“, פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון אין בעסאַראַביע, קעשענעוו 1932. א'—געלט — „אויפֿן ערשטן אָקטאָבער האָבן די א'־געלטן אין 15 ייִדישע קאַסעס אין לעטלאַנד אָנגעטראָפֿן 70,000 דאָלאַר„, ייִדישע קאָאָפּעראַצי , בערלין 5 1924, No־6.

3. סכום געלט וואָס מע לייגט לכתּחילה אַרײַן אין געשעפֿט. „מע פֿאַרשפּאָרט מענטשן, מע סאַרשפֿאָרט הענט — אַ קראָם אָן א', אָן

אַ פֿאַטענט“, ש אָסטראָווסקי, דער מאַסקעראַדין באַל, וואַרשע 1884. 4. פּקדון. משכּון. „אַז עמעצער וועט זינדיקן... און פֿאַרלייקענען זײַן חבֿר אַן א'“, תּי, ויקרא, ה, 21.

5. דאָס וואָס מע לייגט אַרײַן אין עפּעס. צולאָג. נאָך אַן א, אין דעם זעלביקן קאָנוועקסט.

אַן א, אין די שיך. אַן א, אין קאָמאָד, בופֿעט
אע. 6. דאָס וואָס מע אַרבעט אַרײַן איז עפּעס

איינלאַגיק

(ווי אַ צוגאָב, אַ צירונג). אַ מעטאַלענער א, אין
הילצערנעם אָנלען. „גילדענע כלים מיט אַ
זילבערנעם א„„ ע. ל ף, ייִבל 7 ,XIII־8.
איינלאַגיק — אַדי. (שנײַדעריש) וואָס איז
פֿון איין מין. אָרדינאַר. צושנײַדן א'ע סחורה.
אויפֿנייען פֿון א'ן שטאָף.
איינלאַגע — די, ־ס. דטשמ. דזוו אײַנלאָג
-
צולאָג. „אַ נײַע פּנעוומאַטישע שיך־א'„, אַנאָנס
אין פֿגעז, ווילנע 11 1924' No.
איינלאַגערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געלאַגערט.
-
1. אײַנזאַמלען, צונוי קלײַבן אין אַ (סחורה־)
לאַגער אדגל. א, סחורה און אַוועקשטעלן
שמירה. א, די תּבֿואה אין שײַער. 2. אויפֿשטעלן
אַ לאַגער. אײַנאָרדענען אין אַ לאַגער. א, די
ספּאָרטלערס אין געצעלטן. אויך מיט ז י ך.
־ונג.

אײַנלאַד — דער, ־ן. דזוו אײַנלאַדונג. „...,אָן
-
אַן א'־וואָרט געזעצט זיך בײַ דעם פּלאַץ פֿון
מיניהאַראַ“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.
אײַנלאַדונג — די, ־ען. דטשמ, אָפֿט געניצט.
-
פּראָצעס אָדער מיטל פֿון אײַנלאַדן. פֿאַרבעטונג.
מינדלעכע, שריפֿטלעכע א'. *באַקומען אַן א,
פֿון אויבן (פֿון מלאך המות) = א) האַלטן בײַם
שטאַרבן; ב) שטאַרבן. „דער מיליץ װעלכר
דיא אײַן לאַדונג טוט“, אחשורוש שפּיל, אַמשט
1718 [פֿש II]. „דיזע אײַן לאַדונג צו דעם
דוכּס“, אמד, דער סיום התורה, ווילנע אָ186.
„האָט דאָס נאַציאָנאַל־קאָמיטעט אַרויסגעשיקט
אַן א'ס־בריוו...,,, קמ, 1864 49, No. „... ,,אַשר
קבעו זמן חתונה... וכבר שלחו א'ען כמנהג
בעתים הללו“, הרבֿ אַריה ליבֿ ברודא, שו״ת א
מצפּה אַריה חנינא, לבֿובֿ 1911. א'ס־ב י ל ע ט.
א'ס־ב ר י ו ו.
אײַנלאַד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע אײַן, ~
געלאַ־־
ד(י)עט. פּפֿ: ..„לאַדז(י)ען, ~לאַדזשען.
1. אײַנרואיקן, אײַננעמען מיט גוטן. א, אַ
כעסן, גלעטן אים איבער דער פֿעל. 2. מאַכן

שלום. אײַנגלעטן אַ סכסוך. א, אַ
פֿאַרעלטערטע מחלוקה. א, אַ סכסוך צווישן שותּפֿים.
ווידער א, דעם שלום־בית בײַם יונגן פּאָרל.
ינים, זאַכן אע. מיט ז י ו — א
,,און האָט זיו
3. אײַנסדרן, אײַנשטעלן אָרדענונג. א, די

ענ

ניט געקענט באַרואיקן און אײַנלאַדען זיך מיט
דעם געדאַנק דאָס...,,, אמד. ־עניש.
אײַנלאַדן— טרוו. לאַד אײַן, ~געלאַדן. דטשמ,
--
אָפֿט געניצט. פּפֿ: ~לאַדענען. 1
פֿאַר
בעטן (צו זיך אַהיים, צו אַ שׂמחה, צו אַ

צערע

מאָניע אע). ,,פֿאַרבעטן האָט דעם בײַטעם פֿון
פֿרײַנדלעכקייט, באַטייליקונג און דערוואַרטונג
א
פֿון גוטס. לאַדן און א, איז מער אָפֿיציעל,

אויסלאָזן מיט אומאָנגענעמלעכקייט אָדער עס א
שטײַפֿער און דערלאָזט אויך אַז עס זאָל זיך

זאָל זײַן בלויז אַ פֿליכט־דערפֿילונג,,, לע, קוד,
נאָוו, 1943. א, צו אַ חתונה. א, צו זיצן אוי־ א
בנאָן בײַ דער פֿאַרזאַמלונג. ,,האָט אונדז
אײַנגעלאַדן צו זיך אויף אַ מיטאָג,,, אמד, דיא
וויסטענ־א זאַהאַראַ, ווילנע 68 1. ,,... געשיקט
אונדז א', מיר זאָלן... צוברענגען דעם אָוונט
מיט אים,,, קמ, 24 1866' No. ,,אויף אַ קליין

1

אונטערהאַלטל (קערמישל) אײַנגעלאַדן...,,, ב.
זילבערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן II, קעשענעוו
1885. ״אַלע פֿלעגן זי כּסדר א, [צו טאַנצן],,,
ש. ש. גרינפֿעלד, דיא ארמע געבילדעטע, ווילנע
1896. ,,ער לאַדעט אײַן צו זיך ווי אַ גוטער
מכניס־אורח,,, ממוס, שלמה. ״האָט אים

אײַנגעלאַדן אויף זײַן בת־יחידהס חתונה“, ספּ, סודות. „ערגעצוואו אין שטאָט זײַנען פֿאַראַן מענטשן וואָס האָבן מיך אײַנגעלאַדן...„„ פּה, פֿון ווײַטע לענדער. „...„ אים אײַנגעלאַדן ער זאָל קומען...“, סעג, פֿון רוסלאַנד, וואַרשע 1920. „אַלע אײַנגעלאַדן לויט דער לעצטער ליסטע“, מ. בּורשטין, גורל. „זי האָט אײַנגעלאַדן דעם טענאָר צו זיך אין פּאַלאַץ„„ ייִז, ... אַשכּנזי. „בּײַ יעדער סעודת־מצווה זאָל מען אײַנלאַדענען אָרעמעלײַט“, שמירת הנפֿש, ירושלים תשי“ג. „דאָס ווײַבעלע האָט געמאַכט אַ 'וועטשערינקע, און אײַנגעלאַדן דעם דאָקטער... דעם אַפּטייקער... דעם שטאָטישן ווינקל־אַדוואָקאַט„„ בּאַש, פֿאָר, 12 1958 ⃞I. „ער האָט מיט אַן אויסגעזובטער פֿאַרבּייגונג זי אײַנגעלאַדן צום טאַנץ„„ ימ איבּז, טאָמאַס מאַן, טאָניאָ קרעגער, ריגע 1930. 2. אַנגאַזשירן. אָרגאַניזירן מע זאָל קומען זיך בּאַטייליקן. אַראָפּבּרענגען. א, אַ טרופּע, אַ זינגער. א, די מאַנשאַפֿט צום ⃞אַרמעסט. אויך מיט

-

ז י ך — זיך א, צו דער עפֿענונג פֿון דער אויסשטעלונג, צו דער גענעראַל־פּראָבּע אע.

־עניש. ־ער — „דאָס איז געווען דער
איינציקער א', און די אײַנלאַדונג איז געווען
שטענדיק בּעל־פּה“, אַר.
ייִנלאָדן — טרוו. לאָד אײַן, ~געלאָדן. פּפֿ:
-

~לאָדענען. אַרויפֿבּרענגען, אַרוי□לייגן
משׂא. אָנלאָדן. היפּוך פֿון אויסלאָדן. א, די
זעק אין שיף. א, די שיף מיט זעק. א, זעלנערס
אין די וואַגאָנען. „... און, איין סוחר לאָדנט
אײַן זײַן סחורה אין שיף„, קה, פֿיורדא 1743.
אויך מיט ז י ך — “און אָט באַקומען מיר אַ
דערלויבעניש זיך א, אין די טאָוואַרנע [משׂא־]
וואַגאָנען„, מ. פּעטשעניק, אַמעריקאַנער, 1958
□ 13. ־ונג. ־עניש. ־ער.
ייִנלאַדעווען — טרוו. ־דעווע אײַן, ~
גע□־
לאַדעוועט. 1. דזוו אײַנלאַד(י)ען. 2.
אַראַנזשירן. אײַנשטעלן. אײַנרעגולירן. „זיך סטאַרען
אַרבּעטן און א, מכּוח דעם געלט אויף געוויסע
קהלשע הצטרכותן„, ממוס, מסעות. 3. (
פֿאַרשיידענע מלאָכות) ריכטיק אַרײַנפּאַסן עפּעס
אין עפּעס. א, דעם אײַזן אין שרובשטאָק. א,
די בּרעטלעך בײַם הובלען. מיט ז י ך.

ייִנלאַדען — ← אײַנלאַד(י)ען. מיט ז י ך
-
— אײַנאָרדענען זיך, מאַכן זיך באַקוועם.
ייִנלאָז — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אײַנלאָזן. גרויסער (קלײנער) א'.
ייִנלאָזן — טרוו. לאָז אײַן, ~געלאָזט, ~

געלאָזן [עלטערע פֿאָרעם, לד]. 1. דזוו
אַרײַנלאָזן. א, וואַסער אין גרובּ. *א, רויך אין די
אויגן = אויך. פֿאַרפֿירן פֿאַרדרייען
פֿאַרבּלענ.   ,   .
דן פֿאַרשטעלן דעם אמת. א, טראָפּנס אין די
.
אויגן. א, אַ מעסער אין בּויך. ״אַמנון... זיא

אײַנלאָזז

[תּמרן] גערן אײַן ליש,,, שמואל־בּוך, סטראָפֿע
.135l
2. אַרכ. געבּן אַ מעגלעכקייט אַרײַנצוקומען.
,,נוך דען דרײַאן טגן מן ליש איין אין,,,
מלכיסבּוך. ״דיא לײַט די דא זײַן הערן קומן... דיא
האָט מן ניט וועלין אײַן לאָזן,,, פּראָגבּ, 1.

,,האכּ אַן גיקלאַפּט... דא האבּן זיא מיך ניט וועלן אײַן לאָזן", ,שו"ת הרמ"א', קראָקע 1640 [הש I]. ,,העטין זיא ניט וואָלין אין הנוּבֿיר אײַן לאזין", גה, 88. ,,אין ניט וועלן אײַן לאשׂין אין דער שטאַט", טח, שמות, ב, 11.

3. אָפּלאָזן. מאַכן לויזער, פֿרײַער. אַרויסלאָזן פֿון קאָנטראָל. א, די לייצעס און לאָזן די פֿערד לויפֿן ווי זיי ווילן. א, דעם קאַנאַט בּ— אַ הייבּמאַשין. א אַן עמער אין בּרונעם.

׳ ,

*א, די לייצעס = לאָזן קינדער (אָנגעשטעלטע, שותּפֿים) טאָן, אויפֿפֿירן זיך ווי זיי ווילן, זיך אָפּזאָגן פֿון אַ (שטרענגער) השגחה. ,,דער לויתן... זאָל ח"ו א, דעם עק, וואָלט זיך אַ פּליוכע געטאָן די וואַסער און פֿאַרטרונקען די גאַנצע וועלט,,, י. רוחומובֿסקי, זכרונות..., פּאַריז 1930. ,,און זאָל נאָר אַן אויג ניט פֿאַרמאַכן און א, ס'קנײַלכל מיט וואָל,,, מל, ' טרערן,.

4. איבּערלאָזן. לאָזן אויף הפֿקר. ניט אײַנהאַלטן. א אַ גוט געשעפֿט. א, די פֿאַרטיידיקונג.

,

(שאָכשפּיל) א, דעם טורעם און גיין מיט אַ פֿענדעלע. "דעם פֿעטן בּיסן וועל איך ניט א',,.

„אַן ערל, ער קען נאָך חוזר זײַן, איך האָב
אים געזשאַלעוועט א'„. פּינסקער שטאָדט־לוח,
תרס"ד (1903). „אַ גאַנץ גוטע שטעלע פֿאַר
אײַך... מע קאָן די שטעלע ניט א'„. ג. י.
ראַוויטש, דער גוואַלד ריס, ווילנע 1883.
5. זיך אָפּזאָגן פֿון עפּעס. נאָכגעבן, מוותּר
זײַן אויף עפּעס. א, אייגענע רעכט. א, אַ
פּריווילעגיע. א, אַ שידוך. א, אַלע גליקן פֿון
עולםהזה. „איך וועל ניט א, דעם עסק, ביז איך וועל
דערגיין ווער עס האָט אָפּגעטאָן דאָס מיאוסע
שטיקל אַרבעט„. *נ י ט א, עפּעס = זיך
אײַנעסן אין דעם, בשום־אופֿן ניט אָפּלאָזן. „זײַנען
מיר אין וואַסער און אין פֿײַער געקומען אום
דעם הייליקן פֿאָן ניט אײַנצולאָזן", מב"ס, הוגה
דעות II, ווילנע 1912. „אמת דאַרף קאָסטן געלט
פֿונדעסטוועגן זאָלסטו דעם אמת קויפֿן און
...
ניט א, דעם אמת צולב געלט", הר״ שמואל
קלונימוס אײַזינבוד, קונטרס הוספֿות על ספֿרי
אמרי שמואל, פּאָלטאַווע 1914. „פּשוטע ייִדן
וואָס זײַנען געזעסן צווישן גוייִם [האָבן]...
ניט אײַנגעלאָזן קיין ברעקל פֿון דער
טראַדיציאָנעלער שטעטלשער ייִדישקייט„. ה.
אַבראַמאָוויטש פֿון נאָענטן ע״ר I, וואַרשע 1937.

6. אײַנגײן. מושווה װערן. זיך ניט עקשנען און א'. „װיפֿל מע זאָל אים ניט בעטן, װעט ער ניט א"... „האָב איך יא מיט אים אין איין דרך אין גילאשין דאש איך אים זאָל ג, מאות ר"ט [= רײַכסטאָלער] געבין", גה, 373.
7. (שנײַדעריש) מאַכן לענגער, ברייטער ווי עס איז די מאָס. לאָזן אויף אויסוואַקסן. א, די אַרבל. א, זאַפּאַס. א, דעם קינדס הײַזעלעך.
8. מאַכן עס זאָל װערן װײניקער.

אַרומאײַנלאָזן זיך

לאָזן. א, פּאַרע. „... קאָך עז אין איין גרוישי מאָס וואַשיר, לאָז איין שליש אײַן [= אַ דריטל זאָל זיך אויסקאָכן] אונ, טרינק אָפּט דאַ פֿון"
סור II, כא/ב.
אײַנלאָזן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.
אַרײַנלאָזן זיך אין עפּעס אַן אַרבעט, אונטערנעמונג אע (װאָס איז ניט־גינסטיק, ניט־בכבֿודיק).
אונטערנעמען זיך עפּעס דורכצופֿירן. א, זיך אין מיאוסע מעשׂים. א, זיך אין אַ װיכּוח. א, זיך אין אַ קריגערײַ, געשלעג, מלחמה. "לפֿעמים לא היה לי לא לחם ולא שׂמלה, ולכל זאת לא

עלתה במחשבתי מיך בדרכים כאלה איין צו לאזין", אגרת שלמה, יט/ב. „,וועד זיך אַן שפּעטרייא איין לאָזט, ווירד פֿר אַכט זײַן", ס֯ר מ֯חר הפּניניט, הומבורג תּצ"ט, נה/ב. „,נאַטיר—לעך וועלן מיר זיך ניט א, אין פּוסטע פֿאָלעמיקן פֿון פּאַרטיי־געגנער", צעד. „,און איך וויל מיך ניט א, אין סכּנות אַהיימצוגיין מיט ווײַב און קינד מיט דעם עטאַפּ", יהל, די ערשטע ליבע, וואַרשע 1881. „,איז זיי מכבד מיט שאָקאָלאַדקעס, לאָזט זיך מיט זיי אײַן אין אַ קינדער־שמועס", ד י. זילבערבוש, שטרעכאַלעך..., ווין 1916.

2. באַטייליקן זיך. ווערן אַ מיטבאַטייליקטער. „,און אויף אַ פּריוואַט־בריוו וועט זיך אויך קיינער ניט א, אין דעם געשעפֿט„, קמ, 1866, No 33.

3. אַרכ. צושטימען. מסכּים זײַן. א, זיך אויף אַן עבֿירה. "ווערט איר אײַך ניט אײַן לאזין אין דיזם געלט שטראָף, אַלזו ווערט ער ווידר אין די ערשטי ת֯יסה גזעצט ווערדין", כּ„י מגילת איבֿה', 1703. "מײַן גמיהט ראהט מיר מיך ניט אײַן צו לאזין מיט זיא אום צו שטראפֿין„, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ"ט,

ח/ב.
4. אַרכ פֿאַרלאָזן זיך, האָבן בטחון.
אויסרעכענען, אויסשטעלן. „האב יוא גימיינט פֿון
דיר עפּיז צו האבין, דען דו ווייסֿט מײַן פֿר
מיגן, אונ, האב מיך אַזו טיף אײַן גילאזן השי,
[= השם יתברך] זאַל מיך דרויז העלפֿן„.
פּראָגב, 21. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
איינלאָזשירן — טרוו ־זשיר אײַן, ~(גע)
לאָ□.
זשירט. פּפֿ: ~לאַזשירן. אײַנקוואַרטירן.
געפֿינען פֿאַר עמעצן אַן אָרט וואו צו זײַן און
אַרײַנברענגען אַהין (אַפֿילו קעגן ווילן פֿון אַ
בעל־הבית). א, זעלנערס. א, די אורחים אין
בעלי־בתישע הײַזער, ווײַל קיין הקדש איז
ניטאָ. מיט ז י ך ־ונג.
.
אײַנלאַטכע(נע)ן — טרוו ־כן, ־כע אײַן;
~געלאַטכנט, □,געלאַטכעט. אַרײַנקריגן דורך
אַ גניבֿה. „ניט אײַנהאַנדלען זײַנען זיי
געקומען, נאָר א'“.
איינלאַטען — טרוו ־טע אײַן, ~געלאַטעט.
—
.
1. אײַננייען אַ לאַטע. א, אַ קאָרטענע לאַטע
אין די קני. 2. ווי ניט איז צונויפֿנייען, מאַכן

גאַנץ. א, דעם ריס פּיג. א, דעם שלום־בית.
-
.
איינלאַכן זיך — אוטוו. לאַך זיך אײַן, זיך
--
~געלאַכט. פֿאַרגיין זיך אין אַ געלעכטער.
לאַכן און ניט קענען אויפֿהערן. "די קינדער

1

האָבן זיך אַזוי אײַנגעלאַכט אַז מע קען זיי ניט
באַרואיקן,,.
איינלאָמען — טרוו. ־מע אײַן, ,,געלאַמעט.
-
אײַנבּרעכן מיט אַ לאָם. א, דאָס אײַז.
איינלאַנגווייל(יק)ן — טרוו ־ווײַל(יק) אײַן,
— —
.
,געלאַנגווײַל(יק)ט. מאַכן מע זאָל זיך
לאַנגווײַליקן. אַזוי א, דעם עולם, אַז מע הייבּט אָן
אַרויסצוגיין. א, בּיזן אײַנשלאָפֿן.
איינלאָנטשען — טרוו ־טשע אײַן, .,,
געלאָנ—
.
טשעט. פּר. אײַנשליסן. היפּוך פֿון
אויסלאָנטשען. א, די עלעקטרע, דעם עלעקטרישן

שטראָם. מיט ז י ך — צושטיין, צוטוליען
זיך. א, זיך צ ו (אין) אַ חבֿרה יונגען (מוידן).
א, זיך אין טאַנץ.
איינלאַסקען — טרוו ־קע אײַן, ~געלאַסקעט.
—
1. אײַנלאַשטשען. אײַנבעטן מיט לאַסקעס. “
בעסער א, באַסקען איידער אײַנבייזערן לייזערן“,
וול. 2. עפּעס פּועלן דורך לאַסקעס.
אײַננעמען. א, דעם הונט. א, דאָס וויינענדיקע קינד.
מיט ז י ך — א, זיך בײַם אָדון הגדול.
איינלאָפּטשען — טרוו ־טשע אײַן, ~
גע—
לאָפּטשעט. וורר. סל. אײַנבײַסן (פֿון אַ גרויס
שטיק). גריזשענדיק אַרײַנעסן. א, אַ רעטעך,
גרויס וו אַ קאָפּ. א אַ לחמא.
י
אײַנלאָפּען — טרוו. ־פּע אײַן, ~געלאָפּעט.
וורר. סל 1. דזוו אײַנלאָפּטשען. א, אַ לחמא
און שרײַען: כ'בין הונגעריק. 2. דזוו
אײַנלופֿען. א, די אויגן אין עמעצן. “דער בעל־שם
האַט אויסגעפּוצ[ע]ט [=אויסגעפֿוטשעט] אויף
אים די אויגן און האָט זיי אין אים
אײַנגעלאָפֿעט“, אמד מיט ז י ך — פּעיאָ. אײַנליבן
זיך. “עפֿעס אַ כישוף... האָט זיך אין דעם

זזיק אײַנגעלאָפּעט און וויל אים ניט

אַוועקלאָזן„, אמד איבז, די אַלטע שולד, ווילנע 1867.

 ענישׂ.

אײַנלאַק(יר)ן — טרוו. לאַק(יר) אײַן, ,(גע)־

לאַק(יר)ט. אײַנשמירן מיט לאַק. א, מעבל.

אײַנלאַקן די נעגל. אײַנלאַקירן שיך ־ונג.

.

איינלאָקירן — טרוו. ־קיר אײַן, ~(גע)

לאָ־־

קירט. אײַנקוואַרטירן. אײַנלאָזשירן. „אין דעם

גלחס פּאַלאַץ... האָט ער אײַנלאָקירט דעם

פֿעלד־שפּיטאָל“, אבֿיעזר בּורשטײן,

אַמעריקאַנער, 20 III 1959. מיט ז י ך — „ענדלעך

האָבּן זיי זיך אײַנלאָקירט און בּיידע האָבּן זיך

צוגעלייגט אויף די צוויי צוזאַמענגעשטעלטע

בּעטן אָפּרוען“, טמז, 1963 5. ־ונג.

איינלאָקן — טרוו. לאָק אײַן, י.,געלאָקט.

--

מאַכן עס זאָלן זײַן לאָקן. פֿאַרקעמען די האָר

אין לאָקן. א, די האָר. א, דעם קאָפּ פֿאַרן גיין

צו אַ שׂמחה.

איינלאָקן? — דזוו אָנלאָקן. ווערלן צוציִען. „זי

--

וועט קענען איבער אים רעגירן... דאָס האָט
זי נאָך מער אײַנגעלאָקט, אַז זי זאָל ווערן
זײַן פּרוי", משה ווײַנבערג, די חרטה,
באַרדיטשעוו 1898.
איינלאַקרעצן — טרוו ־עץ אײַן, ~
געלאַק—
רעצט. צוגעבן דעם טעם פֿון לאַקרעץ. א, די
ביטערע פּיל.

איינלויף;
-

איינלאָרבערן
— טרוו ־ער אײַן, ~
געלאָר -
בערט. 1. אײַנרײַבן אָדער אויספּוצן מיט
לאָרבערבלעטער. א, בײַם מאַרינירן. 2. פּיג.
באַקראַנצן. אַרײַנרעכענען צווישן לאַורעאַטן.
„אים האָט מען שוין אויך אײַנגעלאָרבערט מיט
איינלאשטש — טרוו ־שטשע אײַן, ~
געען .
דער לייוויק־פּרעמיע?„, רייד (נ"י) ־ונג.
.

-- -

לאַשטשעט. צוציִען, מאַכן היימיש דורך
גלעטן, ריידן ווייכע רייד אע. דזוו אײַנלאַסקען,

אָפּטער געניצט. א אַ שעמעוודיקן מענטש,

,

מאַכן אים סאַר אַן אייגענעם. מיט ז י ך.

-

־עניש.
איינלהכעיסן — [... לעהאַכעסן] טרוו.

להכעיס אײַן, ~געלהכעיסט. מאַכן אַז מע זאָל
ווערן אין כּעס און טאָן צו־להכעיס.
אײַנערגערן. א, מיט שטעכווערטלעך. מיט ז י ך —
אויך קזוו "סאַראַ זיס פּאָרפּאָלק! זיי שפּילן
ניט קיין ברוגז, זיי זײַנען טאַקע אויף אַן

אמת בּרוגז. זיך אײַנגעלהכעיסט״.

איינלוזשען — טרוו ־זשע אײַן, ,געלוזשעט.

—

.

מאַכן אַ לוזשע (לוזשעס). „דער רעגן וועט א,
די גאַס״. געניצט אויך: אײַננעצן מיט השתּנה,
מאַכן אַ מין לוזשע. „דאָס קינד האָט
אײַנגעלוזשעט דעם דיל״.

איינלוהן — [... לו אַכן] טרוו. לוח אײַן,

,

-

~געלוחט. נעאָל. אײַנפֿירן אין לוח (עס זאָל
ווערן אַ טייל פֿון אײַנגעשטעלטע, ספּעציעלע
טעג פֿון יאָר). ״מיר וועלן מוזן דעם
געדענקטאָג א, אין אונדזער שוליאָר,,, רייד (נ,,י).

איינלויבן — טרוו לויב אײַן, י.,געלויבט.

--

רימען, לויבן אַזוי שטאַרק און איבּערצײַגנדיק
אַז די לויבּרייד זאָלן אָנגענומען ווערן. א, די
סחורה און קריגן אַ קונה. א, דעם בּעל־יובֿל.
אויך מיט ז י ך. ־ונג. —עניש. ־ער.

איינלויגן — טרוו. לויג אײַן, ,געלויגט.

--

אײַנװײקן, אַרײַנלײגן אין לויג (אַש־װאַסער).

א אַ בינטל װעש. א, די פֿאַרשטאָפּטע

ראַקאָ,

װינע, דעם זליעװ, דאָס װאַסער זאָל אַרונטער.

איינלויכטן — טרוו. לויכט אײַן, ~געלויכטן

--

(~געלויכט). פּפּ: ~לײַכטן. אַרײַנלויכטן,

אָנשטעלן דאָס ליכט אינעם אינעװייניק אַרײַן.

א, פֿון דרויסן אין שטוב אַרײַן. „א, אין זיך

דעם אויסשטראַל פֿון אַזוי פֿיל אײַנדרוקן“,

יג, טמז, 3 19 19ו I.

איינלויף — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזול .

טאַט פֿון אײַנלויפֿן. האַסטיקער א'. א, פֿון געלט

אין קאַסע. 2. אײַנשרומפּ(ונג).

אײַנשמעלערונג. אײַנקירצונג. דער א, פֿון די קליידער

נאָכן װאַשן. 3. אָנװער בײַם װעגן אָדער

מעסטן. אַן א, פֿון עטלעכע פֿונט, אַרשין אע.

בײַם שטעלן די פּרײַזן האָבן אין זינען אויך

דעם א'. 4. דאָס װאָס זעצט זיך אָפּ אונטן.

אויפֿן דעק, דנאָ. אײַנגיסן ציקאָריע, אָבער אָן

דעם א'.

5. אָנלויף. צונויפֿלויף. אָנגעלאַף. אָנפֿאַל,

איבערפֿאַל. „איין מאָל ביום א, פּ, חיי שׂרה, איז... איין איין לויף גיווארן פֿון איין בעל מלחמה וועגין, זײַן מיר אין איין גרוישׂה סכּנה גישטנדין“, פּראָגבּ, 59. “ס'איז עפּעס געוואָרן

אײַנלויפֿן

אַן א'; מענטשן זענען געלאָפֿן פֿון אַלע זײַטן„,

מ. רי[illegible]קין, דער ווענליזשער בלוט־בּלבּול, ווילנע 1914.

איינלויפֿן — לויף אײַן, בּ י ן ~געלאָפֿן

--

[וועגן ה אָ בּ ← אויסלויפֿן, 265]. אוטוו —

1. אַרכ. אַרײַנלויפֿן. „איז הבחור ה„ח סענדר גשווינד גלאָפֿן צו דעם קומידאַנט און, אים גבעטין ער זאָל אים דרלויבן מיט דעם פֿאָלק אײַן צו לויפֿן“, אַהרון בר, יוסף, איין שין נײַא ליד פֿון או[illegible]ן, פּראָג תּמ“ח [2, 1937, [illegible][[illegible])M].

2. ארכ. אָנלויפֿן. צונויפֿלויפֿן זיך. אָנפֿאַלן, איבערפֿאַלן. „מיר זײַנן שמאָל גינוגן גשטנדן. מן איז איין מאָל איין גילפֿין, איז ברוך השם וואַל אויז גנגן... הש“י זאָל ווײַטר שומר ישׂראל זײַן„, פּראָגבּ, 43. „יודן אַל גימיין, וויא קאַן מן פֿר צער דויארן [= אויסהאַלטן]

אַז דא זײַן איין גילאפֿן בקק טולטשין די פּויארן,,, 'קינות אויף כמעלניצקיס גזירות', פּראָג 1648 [מוו, בילדער פֿון דער ייִד, ליט־געשיכטע].

3. אָנקומען אין אײַלעניש (געווײַנלעך וועגן עפּעס וואָס איז שלעכט). גזירות לויפֿן אײַן. ,,עס וואָלט מיר ליב געווען, עס זאָלן כאָטש געווען מסירות אויף זיי א',,, קמ, 4 1862, No. ,,הגם כיום שלשום מיר כתבֿ אײַן גילאפֿן מאיש אחד דקהלתכם, דער מיך אינפֿאָרמירט הכל להיפּוך,,, אגרת שלמה, טו/א.

4. אַרײַנקומען (וועגן געלט, הכנסה). ,,רווח לויפֿט ניט אײַן און הצלה לויפֿט אויס,,, ווערמל בײַ סוחרים [געבויט אויף: 'רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר', אסתּר, ד, 14]. ,,חוץ... וואָס זענען געבליבן פֿון פֿריִער, איז אין דער ערשטער פּעריאָדע אײַנגעלאָפֿן נדבֿות“, קמ, 20 1869, No.

5. וועגן אַ טערמין — אָנקומען און זײַן גילטיק. ,,דער וועקסל לויפֿט אײַן מאָרגן און קיין געלט איז אין קאַסע ניטאָ,,. ,,ווען לויפֿט אײַן דער גמילות־חסד?“.

6. אײַנשרומפּן. ווערן קלענער, שמעלער, קירצער. ,,דאָס העמד איז פֿון וואַשן

אײַנגעלאָפֿן״. ״דאָס קלײדל איז אַזוי אײַנגעלאָפֿן אַז מע קען עס מער ניט אָנטאָן״. ״װאָל לויפֿט אײַן בײַם װאַשן אין הײס װאַסער״. „אויסציִען געװאַנטן װאָס זענען אַרויסגענומען געװאָרן פֿון פֿאַרבֿ־קעסלען, װיסנדיק אַז די מאַטעריע װעט א׳״, טמז, 21 1967 II. ״די אָנגעשװאָלנקײט פֿון בויך איז אײַנגעלאָפֿן״, טמז, 7 .20 1963 I. דז פֿיג װעגן פטרן יאָרן. ״ס׳איז אים אַ רחמנות געװען אויף זײַן יונג לעבֿן װאָס לויפֿט אײַן, װערט קלענער״, אָפּאַ, ׳שׂמחהס לעבֿן׳.

8. אין ניװעץ גײן בײַם װעגן אָדער מעסטן. ״בײַם אויסהעקערן אַ זעקל צוקער לויפֿן אײַן היפּשע עטלעכע פֿונט״. 9. אָפּזעצן זיך אויפֿן גרונט, דנאָ. „גיס נאָך ניט אײַן די קאַװע, װאַרט ביז די קאַװע װעט א׳״.

אקוזוו — 1. אָניאָגן. דעריאָגן. ״ער איז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפֿן איבֿערן בית־המדרש, װי ער װאָלט געװאָלט א, די צײַט װאָס ער איז געשטאַנען בײַ זײַנע שװאָגערס אין געשעפֿט״, חנ▯ צמח אַטלאַס. „מוצאי־שבת װעל איך אײַך

לאָזן צושפּאַנען מײַנע צװײ פֿערד, אַזוי װעט איר קענען א, ביום א, װאָס איר װעט שבת שטײן און רוען״, סיפּוריס נוראים [לבֿוב, 19.

י,,ה]. 2. גיך דורכלויפֿן (דורכפֿאָרן, דורכרײַטן אע). א, אַ שטיק וועג. א, דרײַ מײַל פֿון שטעטל. 3. אײַנלערנען גיך צו לויפֿן. א, אַ פֿערד.

מיט ז י ך — אײַנלערנען זיך, אײַנגעוואוינען זיך צו לויפֿן. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
־ער — ווער עס לערנט לויפֿן. ,,אַ באַרימטער דזשאַקי, אַן א,“ ־עריי.
. —
איינלוישפערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

געלוישפערט. אַרכ. מיי. פּפֿ: ~לישפערן, ~ ליספערן. פֿרגל אויסלוישפערן, 265.
אײַנמורמלען, אײַנשושקען (אַ סוד). ,,דא האָט בן כוכבֿא דען כותי גלאזט צו אים ברענגן אונ, האָט אים גפֿרעגט וואשׂ ער איין גלושפּרט האָט אַן ר, אליעזר,,, שאַר, יב/ב. ,,אונ, ווען דיר איינר וועלט אין לושפֿרין“, מהמ, אַמשט 1722, ה/ב.
מיט ז י ך — ,,דר איינר וואַר גהיישֿן בגתן אונ, דער אַנדרר תּרש, אונ, דר מרדכי האָט גהערט וואשׂ זיא זיך איין גלושפּרט האבן...,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743, יז.
איינלונגיק — אַדי. וואָס איז (געבליבן) מיט

איין לונג. א'ע טובערקולאָז־קראַנקע.
איינלופען — אַקוזוו ־פע אײַן, ~געלופעט.
—
.
וורר בלויז מיטן וואָרט א ו י ג ן. אײַנעסן
זיך אין עמעצן מיט די אויגן. א, די אויגן אין
אַ שיינער מיידל. א, די אויגן אין אַ טשיקאַווער
זאַך.
איינלופֿעדיק — אַדי. איינרעריק. א'ע ביקס.
אײַנלהיימען—[... לעכאַ'ייִמען] טרוו. לחיים
אײַן, ~געלחיימט. דזוו אויסלחיימען, ←
266. זאַלבעצווייט א אַ גאַנץ פֿלעשל י,,ש.
,
איינל אַמעווען — טרוו ־מעווע אײַן, ~
געי .
--
ליאַמעוועט. אײַנזוימען, אַרומציִען,
אַרומנעמען מיט אַ זוים. א, אַ לײַלעך, אַ קליידל.
אײַנליאַפּען — טרוו. ־פּע אײַן, ~געליאַפּעט.
1. אײַננעצן. וואַשן זיך און א, די פּאָדלאָגע.
2. אײַנקלעפּן, אַרײַנוואַרפֿן אויף אַן
אומגעלומפערטן אופֿן. א, טינק אין אַ וואַנט. 3.
אײַנשמירן. אײַנברודיקן. א, די קליידער, מאַכן
הוילע פֿלעקן. 4. וואוילױנגעריש. אײַנפֿראַסקען.
א, די באַקן, זיי זאָלן אויפֿגיין. מיט ז י ך —

אויך פּעיאָ. זיך איינליבּן. א, זיך אין אַ
ספּאָדניצע. „ער געפּעלט אַלע מיידלעך, און וואָס
האָט ער זיך איינגעליאַפּעט אין איר?“, בּ
גאָרין, שפּרה.. , נ"י 1910 ־עניש.
.
איינל אָקעוועןָ 1 — טרוו ־קעווע איין, ~
געי .
-
ליאָקעוועט. פּפֿ: ~ליאָקירן. ־[ulo: .
י. 1. איינשטעלן, איינאָרדענען. 2. דזוו
איינלאָקירן. אויך מיט ז י ך.
איינל אָקעוועןָ 11 — טרוו. ־קעווע איין,
י

-
~געליאָקעוועט. אַריינלייגן אין לאָק. א, די
הערינג.
איינליבּן — טרוו. ליבּ איין, ~געליבּט פּטמ,
־
.
אַ בּיסל שפּאַסיק. העלפֿן אַנטוויקלען געפֿיל

איינליובּען זיך

--

פֿון ליבשאַפֿט. „לאָמיר אים צונויפֿפֿירן מיט
איר און מע וועט אים א, אין איר“.
איינליבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. קריגן
געּ

-

פֿיל פֿון ליבשאַפֿט. (שטאַרק) ליב באַקומען.
א, זיך א י ן אַ שיין פּנימל. שטערבלעך א,
זיך. „צײַט כ'האָב מיך אײַנגעליבט אין אַ גנבֿל,
אויף אייביק טוט מיך באַנג,„ פֿל (גנבֿים־ליד).
אויך: א, זיך אין אַן אַרבעט, אין אַ שטאָט, אין
דער אָפּערע. „א, זיך אין איין טאָג און פֿײַנט
האָבן אַ גאַנץ לעבן“, ווערטל. „אירע מעלות
ג'האָרכט פֿון אַלע זײַטן, ליבט ער זיך אײַן
אין איר פֿונדערווײַטן,„ ממוס, יודל. „ער וועט
דאָך ניט פֿאָרן איבער דער וועלט אין וועמען
זיך א',„ י. גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק,
ווילנע 1893. „זיך אײַנקוקן אויף דעם...
אַמאָליקן חתן וואָס דו האָסט זיך אין אים

איַינגעליבט", ש. ג. הרכּבֿי, די געליהענע האַק, באָסטאָן 1911. אויך: א, זיך אין אַן אידיי(ע), אין אַ באַוועגונג אע.
איַינליגן — אוטוו. ליג איַין, בּ י ן ~געלעגן
[ה אָ ב אַזוי ווי בּיַי אויסלויפֿן, ←]. 1. (בלייַבן) ליגן (רואיק) אַ צייַט. זיַין נערוועז, ניט קענען א'. אַ שטיק אומרו, אַ קוועקזילבער — דאָס קען ניט א'. „... וויינט גאָט דריַי מאָל אַלע נאַכט דאָרט אין זיַינע הימלען. גוטע פֿרומע ייִדישע קינדער לאָזט עס ניט א.. זיי שטייען אויף בּיַינאַכט פֿון די געלעגערס„ ממוס, שלמה. „רבּי, מיר איז שוין אַלצאיינס: איך וועל אין קבֿר ניט קענען א'„ אַש, תּהילים־ייִד. „נאָרעס, וואָס אָסור צי אַ הונט וואָלט דאָרט געקאָנט א'", בּאַש פֿאָר, 1965 XII 10. „אוי וואַקסט עס אַן אומרו! ליגט ניט איַין. וואַרפֿט זיך אין אַלע זיַיטן", רייד (פֿון אַ שוואַנגערער). קללה „א, אין דרערד זאָלסטו ניט קענען!".
2. איַינרוען. פֿאַרבלייַבן אַ צייַט רואיק. (געווײנלעך מיט נ י ט) „וואָס לאָזט מען מיר ניט א,?„ הל. "אויך בּיַינאַכט איז זיַין האַרץ ניט איַינגעלעגן", ש. דונסקי איבּז, קהלת רבה.
3. (וועגן אַ זאַך) פֿאַרבלייַבן אויפֿן זעלביקן

אָרט. ״אַ ליד דערצו נאָך מיט אַ ניגון, קען
ניט א, אין בּוזעם־קעשענע אָדער אין שופֿלאָד,,,
ד. י. זילבּערבּוש, סקיצן, ווין 1921.
מיט ז י ך — ליגן (זײַן אויפֿן זעלביקן
אָרט) אַ לענגערע צײַט און דערבײַ ווערן
בּעסער. ״געפֿעקלט פֿלייש דאַרף זיך א,, קריגט
עס דעם אמתן טעם״. ־עכץ. ־עניש.
איינליגנערן — טרוו ־ער אײַן, ~געליגנערט.
— .
אײַנרעדן מיט ליגנס. צוגעוואוינען צו ליגנס,
מע זאָל אָנהייבּן גלייבּן אין זיי. א, דעם נאַאיוון
חבֿר. א, דעם עולם מיט דעם גרויסן ליגן.
מיט ז י ך — אײַנגעוואוינען זיך אין זאָגן
ליגנס.
איינלידלדיק — אַדי. וואָס האָט (פֿאַרמאָגט)
נאָר איין לידל. א'ער זינגער.
אײַנליובּען זיך — טרוו. ־בּע זיו אײַן, זיך
~געליובּעט. אויך: ־יי,ליובּקען זיך. דזוו
אײַנליבּן זיך (פֿראָסטלעך). א, זיך אין אַ
דינסטמיידל. ־עכן. ־עניש.

אײַנליווערן
איינליווערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געליווערט.
-

פּפֿ: ~ליפֿערן. 1. צושטעלן, צובֿרענגען,
אַרײַנבֿרענגען, אַרײַנפֿירן באַשטעלטע סחורה.
א, די באַשטעלונג אין אַ חודש צײַט. 2.
אָפּגעבֿן, צושטעלן וואָס עס איז צוגעזאָגט געוואָרן.
,,און, מיר מ□ד איש מהימן ר, זוסמן אַלי
שטרות ווידר אין גליבֿרט'', גה, 342. ־ונג.
איינל(□)ולען — טרוו ־לע אײַן, □,,געל(י)ולעט.
—   .
פּפֿ: ~ל(י)וליען. 1. אײַנוויגן,
אײַנשלעפֿערן מיט אַ וויגליד, מיטן זינגען ליו־ליו. א,
דאָס הונגעריקע קינד □יג. ,,אַ ציטערדיק
□
צויכער־געפֿיל וואָס ליולעט אײַן אין אַ שיינעם
כישוף־חלום,,, יודישער פֿאָלקס־קאַלענדאַר לשנת
תּרע''ב, לעמבערג. 2. אײַנרואיקן מיטן וועקן
האָפֿענונגען, מאַכן פּאַסיוו (און דערבײַ
פֿאַרפֿירן). א, די פֿרומע און נאַאיווע. אויך מיט
ז י ך. ־עניש.
איינלייבּיק — אַדי. נעאַל. וואָס איז (ווי)
-
מיט איין לײַב. ,,מאַן און ווײַב זײַנען א', ווי
דער פּסוק זאָגט: והיו לבשׂר אחד,,. ־יקייט
— ''די א, צווישן מאַכט און גערעכטיקייט'', ש.

ביקל, טמז, 30 1953 X.

איינלייב(יק)ן — טרוו. לייַב(יק) אײַן, ײ'

געַ- -

לייַב(יק)ט. אַרײַנגעמען אין זיך; מאַכן עס זאָל

ווערן אַ טייל פֿון אייגענעם לייַב (גײַסט).

א, נײַע השפּעות. „.... נערשטאָפֿן, וועלכע דער

אָרגאַניזם לייַבּט אײַן גיך“, ק. סורין [איבּז],

וואָס דאַרף וויסנ אַ פּאַסטעכ פֿונ... אַ סאָצ,

ווירטשאַפֿט, פֿאָלטאַווע 1932 פֿרעמדווערטער,

„.

וואָס לאָזן זיך שווער אײַנלייַביקן אין דער

שפּראַך“, אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט, קיִעוו 1935,

זאַמלונג 4-3.

איינלייבן — טרוו. לייַב אײַן, ~געלייַבּט.

- --

מטוטש, 35. אינקאָרפּאָרירן, אײַנקערפּערן.

אינטעגרירן.

איינלייג — דער, -ן. 1. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנלייגן. א, פֿון וועכנטלעכע ראַטעס.

2. דזוו אײַנלאָג, אַלע בּבּ. אַן א, בּײַם קויפֿן

עפּעס. אַ געשעפּט מיט אַ גרויסן א'. א, אין

בּאַנק. א, אין שײַער. א, אין קאָנווערט. א, אויף

דער וואונד. אַן א, ווי אַ בּאַוואָרעניש. “אויף

אַזאַ אָרעמען א, קען מען קיין געלט ניט
לײַען“. 3. ספּעצ דאָס געלט וואָס מע שטעלט
אײַן בײַ אַ שפּיל. דער א, בײַם באַנקירער. אַ
נײַער קאָן מיט אַ נײַעם א'. 4. פֿאַרקנייטשונג
פֿון שטאָף בײַם נייען, עס זאָל זײַן 'אויף
אויסוואַקסן'. אַן א, פֿון צוויי ? ינגער די גרעב.
א'־בּ ו ך — אויך: וואו מע פֿאַרשרײַבּט ווער
און וויפֿל עס האָט מנדבֿ געווען אין שול.
„... נהוג בכל תּפוצות וקהילות ישׂראל,
לעשׂות פּנקס שקורין א'־בוך“, הרבֿ אליעזר דוד
גרינוואַלד, שו„ת קרן לדוד, סאַטמאַר 1929.
אויך: א'־בּ י כ ל פֿון דער לײַ־ און
שפּאָרקאַסע.
א'־בּ ע ט (ל) — האַלטן בײַטאָג דאָס א'־בעטל
אין דער גרויסער שאַפּע. „זײַן ווײַב... איז
געלעגן קעגנאיבער אין א,־בּ',„ אָפּאַ, 'אַן
איטאַליענער'.
א'־ג ע ל ט. א'־ו ו אַ ט ע (ווינטער צווישן

טאָפּל־פֿענצטער). א'־ט י ש ל. א'־מ ע ס ע ר (ל). א'־
ש ט ר ו ד ל.
איינלייגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רע־־
זולטאַט פֿון אײַנלייגן. ← אײַנלייג.

איינלייגיק — אַדי. וואָס מע קען אײַנלייגן.
--
א'ע יאַגעדעס. אַן א'ער משכּון. [~לייגבאַר — דטשמ, נר]. ־יקייט.
אײַנלייגן — טרוו. לייג אײַן, ~געלייגט.
-
1. בּרענגען אין (צו) אַ ליגנדיקער (דערבּײַ בּאַקוועמער) פּאָזיציע. א, שלאָפֿן. „... א'דיק די וואָנצן־האָר, וואָס שטייען דיבּאָם, מיט אַ קליין בּערשטעלע", ג. ח. לעוונער, די געבּילדעטע שוסטערקע, ווילנע 1898.
2. אַרײַנלייגן. א, האָלץ אין אויוון, זאַכן אין שאַפֿע. „בּיז דאז ער דאָך איין מויז פֿאַל מאַכט מיט גוטם שטאַרקן דרוט, דא איין ליגט ער נון איין שטיק קעז אונ, בּרוט", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, לג/ב.
3. אײַנמאָסט(י)ען. א, דרײַ קינדערלעך אין איין בּעטל. „און אויפֿן דיל נעבּן וואַרשטאַט אַוועקגעזעצט זיך, דעם גרויען קאָפּ אין די קני אײַנגעלייגט", י. יאָפֿע, אין קעסל־גרוב, מאָסקווע 1929.
4. צונויפֿלייגן אין אָרדענונג. א, בּיכער אויף די פּאָליצעס. א, די פּאַפּירן אין שופֿלאָד, אויפֿן טיש אע.

5. איבערבײגן אַ צאָל מאָל. אײַנפֿאַלדעווען, אײַנקנײטשן. א אַ בויגן פּאַפּיר אין פֿיר טײלן.

,

„למשל זײַד איז דאָך גאָר אַ שלאַפּע זאַך, נאָר אַז מע לײגט עס פֿיל מאָל אײַן איז עס גאַנץ שטאַרק“, קיצור חה עם ע□רי־טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844. „באַלד קומט דער טאַטע פֿון שטיבל צו גײן, זינגענדיק לײגט ער דעם שבת־טלית אײַן„, יחיאל לערער, מײַן הײס. א, אַ בּ ר י ו ו = נאָכן אָנשרײַבן, אײַנפֿאַלדעווען, אַרײַנלײגן אין קאָנווערט (פֿאַרזיגלען, אויפֿשרײַבן דעם אַדרעס, אַרײַנוואַרפֿן אין פּאָסטקעסטל). א אַ בריוו און

,

- -

אים איבערגעבן דעם שליח. „געענדיקט דעם בריוו, און זי האָט אים אײַנגעלײגט און האָט אים אַרײַנגעלײגט אין קעשענע פֿון קלײד“, ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תרמ„ג.

6. בײַ יעדער מין אַרבעט אײַנבײגן, אויסלײגן, אַרויפֿלײגן אע אויף עפּעס אַן אופֿן (עס זאָל זיך באַקומען אַ ליגנדיקע פּאָזיציע).

א, די פֿינגער בײַם ציילן. א, דאָס טייג אין דער העלפֿט. א, אַלבאָנטשיקעס. א, דעם שטרודל. „אַמאָליקע צײַטן האָט יעדער פֿרוי געהאַט אַ קאַרביר־שער כּדי אַליין אײַנצולייגן די האָר אין לאָקן“, אָר, 28 1965 XII.

7. צונויפֿשטעלן. אָנשרײַבן, מחבר זײַן. א, א ביטשריפֿט. אַזוי א אַ בריוו עס Iאָל קענען

 ,

רירן אַ שטיין. „אַ ייִד וואָס קען אַפֿילו איין וואָרט גויאיש רעדן, אָבער אַ גרויסער בריה, פֿאַרשטייט גוט אײַנצולייגן אַ רוסיש פּאַפּיר ['פּראָשעניע', אָפֿיציעלע ווענדונג צו צאַרישן (באַ)אַמט(ן)]“, ייִפֿאָל, 20 8 18, No, בײַלאַגע.

„האָט דער סופֿר אײַנגעלייגט דעם גט און אײַנגעשניטן, ער זאָל ווערן אַ 'ספֿר כּריתות'„, באַש פֿאָר, 13 1967.

,

אײַנלייגן

8. געבן אויפֿצוהיטן געלט (לויט אַ תּנאַי מיט אַ בּאַשטימטן ציל). דעפּאָנירן, מאַכן אַ דעפּאָזיט. א, געלט אויף פּראָצענט. א, געלט אויפֿן בּאַנקבּיכל. א, בּיד שליש. א, דעם נדן (בּײַם גבֿיר, בּײַם פּרנס, בּײַ אַ שליש אע). *א, אַ ח ל ק = אַרײַנטראָגן אַ טייל מזומנים בּײַ אַ געשעפֿט, אַ שותּפֿות אע. „וואָסער חלק האָסטו דאָ אײַנגעלייגט?" — איר, האָסט ניט בּײַגעשטײַערט (און דו קענסט קיין דעה ניט זאָגן). „דער ייִד האָט בּײַ גאָט דאָך אײַנגעלייגט פֿשוט אַ חלק„ פֿרוג I. „זײַט אים בּהילפֿיג

,

גלײַך מיט געלט צו לײַען. מן האָט היא בּײַא ראשי'[ם] אײַן גיליגט אום מאה זה'[ובֿים] כּסף וזהו,[בֿ]", פּראָגבֿ, 50. „..... דז מן דיא נדוניא זול איין ליגן דעם פּ„ה [= פֿרנס החודש] קודם החופּה", תּקק. "מיר האבּין זולין אַלי בּידי אונזיר נדוניות לק"ק פֿרנקפֿורט אַן גיסי החסיד מהור"ר איציק סג"ל אין ליגן", גה, 159. „דעם נדן ווי עס פֿירט זיך בּײַ פֿיל ייִדן לייגט מען אײַן קודם החופּה ליד השליש המרוצה לשני הצדדים", קמ, 35 1864, No. „דעם סילוק מוז איך זען, ער זאָל דײַקע נאָר בּײַ מיר אײַנגעלייגט ווערן", עט, סערקעלע. אויך א, ק נ ס.

,,איז דאָשׂ ינגרל וואשׂ ער האָט פֿר איין קנס איין גליגט קאָסט ה, אַלפֿים זאָל מען דער כלה געבֿן", איין שין מע ה, פֿראָג 1700. ,,אַזוי וואַר צו מזל דער שידוך געשלאָסן און עס ווערט אַ קנס איַנגעלייגט פֿאַר בטחונות", א. פֿאַוויר, ספּורי הפֿלאות וואַרשע 1844. ,,איך וועל איַך... ניט אַרויסזאָגן [דעם פּסק] ביז איר וועט ניט א, אַלע ביַ מיר צו... פֿינף־אונצוואַנציקער", שע פֿון כתרילעווקע. "דער באַנ—
,
קירער אָבער, אַלע לייגן איַן ביַ אים געלט, און פֿאַרליַט אויף גרעסערע פּראָצענטן,,, צ. נ. גאָלאָמב, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

9. ביַ אַ שפּיל, אַ וועט, אַ פֿאַרמעסט, ביַם אויספּלעטן עפּעס אַוועקלייגן געלט (אַ זאַך) אין אַ זיַט. א, אין באַנק צו אַ רובל. א, פּעציעמעציע. ,,ריבֿאַ איז פֿיש און מע דאַרף א, געלט אויפֿן טיש,,, פֿוול. ,,איך קען אַפֿילו מיַן קאָפּ א', אויב דו ווילסט", פֿוול. ,,א, אין קאָן דעם קריי פֿון האָן,, — איר פֿוול. ,,בדבֿר פּלעטין לעניי, — דער ראָש־הבית ליגט ו, פּלעטין איַן...,,, 'פֿנקס הקהל דק,,ק רונקל', תּצ,,ז [ייִבֿל I, 1].

1O. אַרײַנגעבן אַ זאַך, אַ שרײַפּטלעכע התחײַבֿות אָדער יעדער אַנדער מין בּאַוואָרעניש, גאַראַנטיע. א אַ משכּון. א אַ וועקסל. א אַ

שטר, שטרות. א, קויציע, די שבתדיקע לײַכטערס. א אַ בקשה. „ער איז טאַקע אַ פֿרומער,

אַ סימן: ער לייגט אײַן דעם טלית (און תּפֿילין)“, פֿוול. „פֿון דער מסים וועגן האָט... משכּנות מוזן איין ליגן„, 'שו„ת מהרי, מינץ„ קראָקע 1617 [הש I]. „און, פֿיניגרליך און, ס . רים דיא דוא מיר האשׂט איין גילייגט“, ,דריַ בּריוו פֿון קראָקע 1630, ו. שמרוק, ספֿר היובֿל ליצחק בּער, ירושלים תשכ“א]. „זאָלכשׂ האָט מן על לשון צרפֿת מעתיק לאזין זײַן און, בּמשפּט [= אין געריכט] אײַן גליגט“, 'כּ„י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש II]. “גיין

אײַנלייגן

צום וואוט און בּעטן מע זאָל יענטלען אַרויסלאָזן... מע זאָל פֿאַר איר א, אַ הויז אויף אַ 'פּאָרעטשעניע'„, ל. שוואַרץ, יענטיל מיט דעס פּוס, פּיעטריקאָוו 1905. “וואָס טויג דאָ אמת?

מע וויל נאָר דעם בחור דערווײַל א, בּיד שליש,

אין דער תּפֿיסה,,, יאַ, די גענאַרטע □ועלט.

11. גאַראַנטירן מיטן גוטן נאָמען (אַזוי ווי אַ משכּון). קריגן (האָבּן) אַ גוטן שם. "דוא קענשׂט כּ בֿ ו ד אין ליגן בּײַא דײַן לײַט,,, חה, אַמשט 1716, צד/ב. ,,דער זאַלינער האָט הי אַ ש ם אײַנגעלייגט פֿאַר זייער אַ גרויסן צדיק", יפּ.

12. אײַנשטעלן, צופּראַוועז און אַוועקשטעלן צו ניצן שפּעטער. א, קרויט, בּוריקעס, אוגערקעס. א, יאַגעדעס, קאַרשן. ,,אַז אַ בּייזע בּעלהבּיתטע לייגט אײַן קרויט און שטעלט בּאָרשט, ווערן בּיידע זויער,,, שוו. ,,דאַנקען גאָט אַז זיי קאָנען פֿאַר זיך א אַ בּיסל ראָזשינקעס אויף

,

פֿסחדיקן ווײַן פֿאָר אַרבּע־כּוסות", פּ.

שטיינוואַקס, טמז, 2 □19□0 .III

13. אײַנוואַלגערן. אײַנוואַרפֿן. צעשטערן, רואינירן, חרובֿ מאַכן. א, דעם אַלטן פּאַרקאַן און אויפֿשטעלן אַ נײַעם. א, די אַלטע חורבֿה, ווײַל ס'איז נייטיק דאָ צו בּויען אַ הויז. א, אַ כאַלופּע. "צײַג מיר דײַנע הערנער! אַז דו וועסט מיר נישט צײַגן, וועל איך דײַן שטיבּעלע א'", קל. ,,בּויען די סוכּה און וואַרטן אויף די

אושפּיזין, א, די סוכּה און וואַרטן אויף חלוקה,,,
פֿוול (א״י). *מע קען מיט אים ווענט א, =
א) אַזוי שטאַרק איז ער; בּ) אַזאַ האַרטן קאָפּ
האָט ער, אַזאַ נאַר איז ער. אַזוי טאַנצן אַז
מע לייגט אײַן די גאַנצע שטובּ (דעם דיל).
אַזוי קלאַפּן מיט די פֿיס אַז מע לייגט אײַן
דעם בּרוק (די פּאָדלאָגע). אַ שטורעמווינט וואָס
לייגט אײַן דערפֿער און שטעטלעך. ,,פֿיל שולן
איין גיליגט בּיז אויף פֿיר וועגד,,, 'קינות אויף
כמעלניצקיס גזירות', פּראָג 1648 [מוו, בּילדער פֿון
דער ייִד, ליט'־געשיכטע]. ,,בּײַם רײַכסטאַג האָט
זיך געטאָן חושך. דער עולם האָט שיִער ניט
אײַנגעלייגט די טירן,,, ייִפֿאָל, 10 ￼ 1882 I. ,,עס
איז געבּליבּן בּהסכּם אין דער גאַנצער שטאָט...
מע זאָל א, די בּאָד,,, [אַנאָנים], בּינטשע
די צדקתטע, וואַרשע 1883. *א, די בּ אָ ד (דעם
ה ק ד ש) = איר, אָנמאַכן אַ טומל אין שטאָט.
,,ווען איינער דעם אַנדערן האָט אַ בּאַלקן...
[געגנבֿעט], דא לייגט ער זײַן הויז אײַן,,,
ר, אַהרן מטרי￼ש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר,,ג.
,,אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען
אײַנגעלייגט די זאַמאָשטשער פֿעסטונג“, פּרץ,
זכרונות. ,,כ'וויל אין דײַן כּותל, ניט צום א,, מיט
טרערן אויסבּרענען אַ שפּאַלט,,, צײַט, גל II.

*א, ד י ו ו ע ל ט (ו ו ע ל ט ן) = א)
אויפֿשטורעמען, אויפֿרודערן די אַרומיקע, די סבֿיבֿה,
מיט געשרייען, געוויין (צו פּראָטעסטירן אָדער
מחמת צער, שווערער איבֿערלעבֿונג). מרעיש
עולם זײַן. א, וועלטן, רײַסן קבֿרים, מעסטן
פֿעלד, בעטן די מתים זיי זאָלן זיך מִיִען פֿאַר
דעם חרובֿ־קראַנקן. א, די וועלט איבֿער אַזאַ
הימל־שרײַענדיקער עוולה. "מײַן ווײַבֿ זאָל
געזונט זײַן לייגט אײַן די וועלט, די שנור

1

חלשט,,, שע, ,פֿונעם פּריזיוו,. ,,ר, שלום לייגט
אײַן די וועלט אַז דאָס איז אַן איסור מן
התּורה,,, סמבֿ; בֿ) אָנווענדן אַלע כּוחות, טאָן
איבֿער די כּוחות כּדי עפּעס צו דערגרייכן, צו
פּועלן אע. א, וועלטן צוליבֿ אַ חבֿר. ,,וואָס
לייגסטו אײַן די וועלט? וועסט די וועלט ניט
איבֿערמאַכן". ,,וואָס איז דאָ אײַנצולייגן אַ
וועלט?" — עס לוינט ניט אָנצווּוענדן אַזוי פֿיל
א
ענערגיע. "מע קען זײַן שטאַרקער פֿון (
גרעטשענע) קאַשע און — א, אַ וועלט", שוו [אויך
מיט קנאַפּע פֿיזישע כּוחות קען מען אַרויסוויזן

ענערגיע, עקשנות, שטאַרקן ווילן]. ,,
אײַנגעלייגט אַ וועלט צו פֿאַרזאָרגן כּל־ישׂראלס
תּכלית‘‘, ממוס, 'גלגולים'. ,,קענען א, וועלטן און
ווילן זיך ניט אויפֿוויַזן דערמיט‘‘, אָפּאַ,
בּרכוכבֿא   פֿון דעם אויסדרוק אויך: א, ה י
מ.
ל ע ן — ,,און מאַמעס האָבּן דאָרט, געפֿירטע
צו דעם טויט דעם הימל אײַנגעלייגט, זיך לע־   א
בּעדיק בּאַגראָבּן‘‘, פּמ, מלחמה I, נ,,י 1956. א,
דאָס ל ע בּ ן = אײַנשטעלן דאָס לעבּן. ,,,... איך
קריג זיך שטענדיק מיס אַלעמען צוליבּ דיר
און לייג אײַן מײַן לעכּן, ווען איך הער אַז
מע רופֿט דיר אַפּיקורס,,, י. ל. אַסטרינסקי, נײַעס
פֿון יענער וועלט, ווילנע 1927. א, בּ ע רג און
ט אָ ל ן. ,,טאָלן און בּערג א', נאָר דער שידוך
זאָל זײַן אַ שידוך,,, סעגאַל, די שיינע נייטערין,
ווילנע 1903.
14. אַנידערוואָרפֿן, בּײַקומעז. קליינקרי   א
גן
.
גובֿר זײַן. בּאַזיגן. א, עמעצן אויף בּיידע
לאָפּעטקעס. א, עמעצן, ער זאָל ווערן שטילער
פֿון וואַסער, נידעריקער פֿון גראָז. ‘‘מיט 'גאָטס
פֿינגערל, וואָלט ער אים אײַנגעלייגט,,, אַר, 'דער

הונט'. „האָט דער תּכשיט אַזוי אײַנגעלייגט דעם צוויי־ווײַבערניק„, חג, צמח אַטלאַס.

15. אויפֿגעבן. אויפֿהערן צו פֿירן אַ געשעפֿט. א, דעם עסק. א, די קראָם און ווערן אַן אַרבעטאָרער. „לאָז די מומע גיטל א, דאָס געוועלבל, זי מאַכט סײַוויסײַ דאָרט איישעם־שיישעם“, אָפּאַ, אַליין.

אײַנלייגן זי — א

ך ← דפֿוו. 1. אײַנשטעלן זיך. אויסלאָזן זיך. אַלץ וועט זיך א, צום גוטן.

2. וועטן זיך, אײַנשטעלן געלט אע (ווען בײדע צדדים באַשטייען אויף זייערס), פֿד. א, זיך, און ווער ס'איז געוועכט דער געווינט.

3. אײַנשטילן זיך. אײַנרואיקן זיך. דער שניישטורעם (די זאַווערוכע) וועט זיך א'. „און אַז דער ווינט האָט זיך אײַנגעלייגט, און די זון איז אינדערפֿרי אַרויס...„, יוסף ראָלניק, „אַ געשטאַלט'. „דערנאָך האָט זיך דער געפֿילדער אַ ביסל אײַנגעלייגט“, ש. גאָדינער, דער מענטש מיט דער ביקס I, מאָסקווע 1928. „עס לייגט אונדזער געראַנגל זיך ניט אײַן אין צײַט, עס זעט אין אָלע טיילן ערד זיך אָן זײַן פֿלאַקער“, פּמ, מלחמה. אויך וועגן אַ ווייטיק. „ווען וועט זיך א, דער צאָנווייטיק?„.

4. אַרײַנפּאַסן זיך. אײַנמאָסטען זיך. געפֿינען פֿאַר זיך אַן אָרט. מע לייגט זיך אײַן אין בּויד. די זאַכן ווען זיך (ניט) אַ, אין טשעמאָדאַן. אַ, זיך אויפֿן דיל. „ווי שוואַך אַ ווילן זאָל ניט

אײַנלייזן

זײַן, ווי קליין אַ טרוים, ער לייגט זיך אין קיין ברעג ניט אײַן,,, א. גאָנטאַר, סאַוו, היימלאַנד, 2 1961, No.

5. קזוו. ראַנגלען זיך. ,,זיי האָבן אָבער זיך מיט אים אַ פּרוּוו געטאָן אין א, זיך, און ער האָט אַ פּאָר פֿון זיי גלײַו אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד,,, אַר, ,דער הונט'.

ייִנלייגע ן — דאָס (די), ־ן (ער). 1.
פּראָ־־
צעס פֿון אײַנלייגן. 2. דאָס וואָס מע לייגט אײַן אָדער מע לייגט אַרײַן. לעדערנע א, אין די שיך. 3. מעל אָדער געריבענע קאַרטאָפֿל, געמישט מיט איי און אַרײַנגעטאָן אין קאָכעדיקער זופּ אָדער מילך; עס ווערן אײַנגעלייגטע קליסקעלעך. ,,... באַלד קומט אַרויס פֿראַדל מיט אַ געגלייזטע שיסל א, אויף מילך,,, אַבֿרהס ראָזענפֿעלד, די גרינע בריק, וואַרשע 1924.
ייִנלייגעניש — דאַס (די), ־ן. 1. פּראָצעס
-
פֿון אײַנלייגן. ,,אַ פֿולע שטוב מיט קינדערלעך. הייבט זיך אָן אין אָוונט דאָס א, אין בעטן און אויף בענקלעך,,. 2. גרויסער טומל, קאָכעניש. אַן א, אויף אַ האַלבער שעה. ,,איז

געוואָרן, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַן א', אַ

פֿאַטשערײַ בראַוואָ, זאָל גאָט היטן!,,, שע,
בלאָנדזענדע שטערן 3 .I. שפּיל אין ראַנגלען זיך
מיט אַ וואָרף טאָן דעם צווייטן אויף דער ערד.
ייִנלייגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
-

ווער עס לייגט אײַן. אַ פֿאָלקסבאַנק מיט אַ
הונדערט א'ס. אַן א, פֿון הײַזער. אַן א, אין
דרוקערײַ. אַן א'קע פֿון צוקערקעס אין
שאַכטלען. ,,אַלס א, ווערט באַטראַכט דער אויף
וועמעס נאָמען דער אײַנלאָג איז געמאַכט,,,
פֿאַרבאַנד פֿון די אידישע קאָאָפּעראַטיוון אין
בעסאַראַביע, קעשענעוו 1932. ,,אָפּהאַלטן די
א'ס (ווקלאַדטשיקעס) פֿון פֿאָדערן זייער געלט,,,

איבז, י. ראַווינסקי, דער אַלשער שולד בריעף,
וואַרשע 1885. אַן א'! = (איר) בריה, גרויסער

אויפֿטוער ־עריי.
— .
ייִנלייזן — טרוו. לייז אײַן, ~געלייזט.
-

1 פֿאַרקויפֿן און באַקומען פֿאַר דעם געלט.

.
,,איך האָב געוואָלט אויפֿבינדן מײַנע פּעקלעך ספֿרים, טאָמער וועל איך עפּעס א',,, ממוס, 'שם און יפֿת'. ,,און אַז אַ פּויער אין דאָרף וויל דיר שוין יאָ פֿאַרקויפֿן... אַ קערצל קאָרן, וויל ער צוויי מאָל אַזוי פֿיל, ווי דו האָסט אײַנגעלייזט פֿאַר דעם פֿריִערדיקן,,, בּ. דעמבּלין, איק, ר''ה תּשכ''ד. 2. פֿאַרדינען בּמזומן. א, א הויפֿן געלד. *א אַ מפֿטיר = קריגן אַ גאָבּ,

,

-

אַ פּאָרציע מוסר, אַ פּסק. 3. אָפּגעבּן אַ חובֿ און צוריקקריגן אַ משכּון. דזוו אויסלייזן. ,,... דשׂ דיא בּורגין... זולן דען בּתוך זמן זה איר משכּנות אין ליזן,,, גה, 352. 4. וועגן אַ וועקסל: א) בּאַצאָלן, אויסקויפֿן אַ וועקסל; בּ) אַרײַנקריגן מזומנים פֿאַר אַ וועקסל וואָס זײַן טערמין איז נאָך ניט געקומען. ,,ניט געוואָלט א, די אויסגענאַרטע וועקסלען,,, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהב, וואַרשע 1898. מיט ז י ך — אָפּט איר. א, זיך אַ מיאוסע קרענק.

א, זיך אַ ווײַב אַ צרה. ־עכץ. ־עניש.

אײַנלייט

איינלייט — דער, ־ן. נר. ← דוווו. ,,[ער]

-

-

האָט אָנגעפּירט מיטן אָוונט נאָכן עסן, ער האָט

געגעבן דעם א'“, בצג, טמז, 1956 I l0.

איינלייטונג — די, ־ען. דטשמ. נר.

אַרײַנ

--

 יר(־וואָרט). אינטראָדוקציע. מבוא, הקדמה.

פֿאָרשפּיל, מוזיקאַלישער אַרײַנפֿיר. ,,מיר

האָבן... אין דער א, געזאָגט אַז די פֿיזיק איז

די וויסנשאַפֿט פֿון די דאָזיקע ערשײַנונגען“,

ארז, קמ, 1865 3, No. ‟געשריבן אַלס א, צו

דער אויסגאַבע“, בעמ I. ~לייטן —

בעלפֿה אָדער בכתבֿ מאַכן אַן אַרײַנפֿיר. א, דעם

אָונט מיט עטלעכע ווערטער. „ער האָט
פֿאַרשפּראָכן נאָכאַמאָל אַראָפּצופֿאָרן... און אַליין
השגחה געבן און א, די סליעדסטווע“, קמ, 1865,
.No 15
איינלייטן — טרוו. לייט אײַן, ~געלייט.
-
צולייטן. אײַנשמעלצן מיט צין (מיט אַ מעטאַל
בכלל). א, אַ הענטל וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן.
־עכ ן. —עניש.
איינלייכטן — אוטוו. לײַכט אײַן, ~געלײַכט,
- --
~געלויכטן. פּפֿ: ~לויכטן. 1.
אַרײַנלײַכטן. ליכטיק מאַכן פֿון דרויסן. א, מיט דער
באַטערייקע אין קאָרידאָר. 2. אויך פֿיג.
אַרײַנבּרענגען אַ ביסל ליכט(יקייט). א, אין דעם
פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל און נעמען פֿאַרשפּרייטן
די אידייען פֿון פּראָגרעס ־ונג ־עניש.
. .
איינליימען — טרוו. לײַם אײַן, ~געלײַמט.
- -
(סטאָליערײַ) צונויפֿקלעפּן מיט לײַם. א, די
טיילן פֿון אַ טיש און לאָזן דאָס מעבלשטיק
טריקענען. “נאָכן א, לאָזן פֿאַרהאַרטעווען, ווער
מען ניט קענען פֿונאַנדעררײַסן די טיילן“.

איינלייען

— טרוו. ליַי איַין, ~געליִען, ~

גע־־ ־

ליַיט? צונויפֿליַיען. באָרגן פֿון אַ צאָל אָדער
אַ סך מאָל. א, צו דריַיערלעך פֿון פֿריַינד און
אַריַינקריגן גענוג צו באַצאָלן דירה־געלט.
איינלייענען

— טרוו. לייען איַין, ~געלייענט.

־־

לייענען אַ לענגערע ציַיט און דערביַי זיך
אויסלערנען (פֿאַרשטיין, גיכער לייענען). א, אַן
אַלטן טעקסט. א אַ קאַפּיטל ישעיה ביז מע

,

קען אים אויף אויסווייניק. אויך מיט ז י ך —
זיך אַריַינטאָן אין לייענען. א, זיך און
פֿאַרגעסן וואָס עס טוט זיך אַרום. "אַז די חבֿרה
האָבן זיך איַינגעלייענט אין די לאָזונגען, האָבן
זיי... געהאַלטן אין איין לאַכן פֿון דעם", אי.
קיפּניס איבז, ק. טשוקאָווסקי, די זוניקע, קיִעוו
.1934
איינלייפּען — טרוו ־פּע איַין, ~געלייפּעט.

—
.

דזוו איַינל אַפּען, ספּעצ ב2 א, עמעצן אַ

רישקייט אין קאָפּ אַרײַן. „זיי נאַרן זיך...
וואָס האָבן זיי זיך אײַנגעלייפּעט אין קאָפּ
קאָזאַקן, פּאָליצמײַסטער“, ש. בעקערמאַן, די
יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886.
איינלייצעווען — טרוו ־צעווע אײַן, ~
געליי—   .
צעוועט. 1. אַרײַננעמען אין לייצעס. אָנטאָן
אויפֿן פֿערד די לייצעס. א אַ פֿערד. 2.
אײַנ,

צוימען. א, אַ שייגעץ.
איינלינדערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געלינדערט.
-

1176

מאַכן אַ ביסל גרינגער, מילדער. א, דעם ווייטיק.
־דנ .
איינלינ(יעד)יק — אַדי. וואָס איז נאָר אויף
(לויט) איין ליניע אָדער ריכטונג. וואָס ציט
זיך לויט איין ליניע. גראָד. „ווײַל יעדער
געדאַנק איז אין זײַן עצם איינפֿאַך, האַרט־בײַ־

דערערדיק, איינליניענדיק , קאָר II. „[פֿרצעס] אופֿן
דערציילן איז... ניט גלאַט און איינליניק„,
ים, ייִבל III XX. ־יקייט.
איינלינירן — טרוו ־ניר אײַן, ~געלינירט.
—
.
פּפֿ: ~ליניעווען. אײַנצייכענען ליניעס. א,
אַ בויגן פּאַפּיר צו שרײַבן אַ בריוו —ונג.
.
איינליססערן — ← אײַנלוישפּערן.
-
איינליפּיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין ליפּ.
א'ע בלומען מיט איין גרויס בלעטל.
איינליפֿערן — ← אײַנליווערן.
--
אײַנלעבן — לעב אײַן, י„געלעבט. אוטוו —
לעבן לאַנג. אַרײַנלעבן. א, ביז אין די הויכע
אַכציקער. טרוו — פֿאַרצערן, פּטרן געלט.
אויסגעבן מער וויפֿל מע פֿאַרדינט. א, דעם
אייגענעם פֿאַרמעגן. א, דער באָבעס ירושה.
איינלעבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1.

אײַנגעוואוינען (צוגעוואוינען) זיך, אײַנהיימישן זיך.
אַקלימאַטיזירן זיך. זיך א, אין אַ נײַער סביבֿה.

„די כלה איז נאָך גאָר אַ קינד און איר וועט
זיך אי״ה גאַנץ גוט א'“, מ. אחון, צווייא
שוועגער, ווילנע תר„ס. „אין דער ייִדישער שפּראַך
האָבן זיך די העברעאישע ווערטער אַזוי
אײַנגעלעבט מיט די דײַטשע, רוסישע און אַנדערע
ווערטער וועלכע קומען אַרײַן אין דער שפּראַך“,
א. נורהאָם, באָרוכזאָנט קינדער, קאָונאַס 1931.
“זיך אײַנגעלעבט אין אַ גאָר פֿרעמדן
לעבןשטייגער, אין אַ פֿרעמדן קולטורעל־גײַסטיקן
קלימאַט“, דוד פֿלינקער, טמז, 20 1967 II.

2. לעבן צוזאַמען אָן קאָנפֿליקטן. ווערן
פֿרײַנד. א, זיך מיט נײַע חבֿרים. קענען א, זיך
מיט וועמען מע וויל. א, זיך ווי אַ קאַץ מיט
אַ מויז. “עס לעבן זיך אַמאָל ניט אײַן אַפֿילו
אַ ברודער מיט אַ ברודער“. „דאָס ערשטע יאָר
נאָך דער חתונה קריגט מען זיך, דערנאָך לעבט
מען זיך אײַן“. „אין אַ סכעמע... אין וועלכער
עס זאָלן זיך קאָנען א, די אַלטע און נײַע
וויסנס“, גוטנ.

3. פֿועלן בײַ זיך אַז ס'לוינט ניט (ס'וועט
ניט העלפֿן) זיך קעגנשטעלן; רעזיגנירן פֿון
ווידערשטאַנד. א, זיך מיט די צרות, מיטן
אומגליק. “ער שרעקט זיך ניט פֿאַרן פּוילישן
אַנטיסעמיטיזם... ער האָט זיך אײַנגעלעבט מיט

אים“, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.

4. אַרײַנלעבן זיך. אַרײַנפֿילן זיך. ווערן דורכגענומען, דורכגעדרונגען. א, זיך אין (מיט) אַ געשטאַלט (דעם העלד) פֿון אַ פּיעסע. א, זיך מיט יענעמס אומגליק.

5. לעבן, עקסיסטירן אַ לענגערע צײַט. „ער איז שוין איבער נײַנציק. ער איז יונגערהייט געווען אַ חלוש, אָבער איר זעט — ער האָט זיך אײַנגעלעבט“. ”ערשט דערנאָך אַז דאָס נײַס איז נולד געוואָרן, עס האָט זיך אײַנגעלעבט און

אײַנלערנען

ווײַזט... אַרויס דעם גרויסן נוצן וואָס אין אים ליגט“, ממוס, מסעות.

־עכ ן. ־עניש.

איינלעגיטימירן — טרוו ־מיר אײַן, ~לע—

.

גיטימירט. דזוו אויסלעגיטימירן ←, 272.

אָפּט מיט ז י ך ־ונג.

.

אײַנלעגירן — טרוו. ־גיר אײַן, ~לעגירט.

אײַנשמעלצן (וועגן מעטאַלן, וואָס פֿאָרן זיך צונויף אין איין שמעלצונג). א, גאָלד מיט

קופֿער.

איינלע'גערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געלעגערט.

--

לאָזן ליגן אַ לענגערע צײַט (כּדי עס זאָל בעסער ווערן, טײַערער ווערן אָדער מיט אַן אַנדער ציל). א, די ווינטערעפּל אין שטרוי אויפֿן בוידעם. "זײַן פֿאָטער לעגערט אײַן... רונדיקע לעגער־באַרנעס", י. א. מרגליות, אַמעריקאַנער, 25 III 1960. מיט זיך — א, זיך און בלײַבן אַן אַלטער באָק. „פֿאַר דער נאַכט האָט דאָס היי אונטער אים זיך אײַנגעלעגערט", ה. אָרלאַנד, הרעבליעס, כאַרקאָוו 1931. ־ונג.

איי'נלעדערן— טרוו ־ער אײַן, ~געלעדערט.

—

.

אויך: ~לעד(ע)רירן. (אײַנבינדערײַ) אײַנבינדן אין לעדער. אַזאַ ספֿר דאַרף מען א,. א, נאָר אַ פּאָר ביכער פֿאַר מתּנות. אויך בײַ טאַפּעצירערײַ: א אַ פֿאָטעל, אַ קאַנאַפּע.

,

-

איי'נלעהאָ'יען — טרוו ־האָיע אײַן, ~

גע—
.
לעהאָיעט. רוeroדנ.: <. אין לשון פֿון
דאָרפֿס־ייִדן, מג. אײַנרואיקן. מאַכן באַקוועם.
„ס'קינד איז נאַס און וויינט. מע דאַרף עס א,“.
איינלעזן זיך — אוטוו. לעז זיך אײַן, זיך
-
,געלעזן. דזוו אײַנלייענען זיך. „ווען מע
לערנט זיך אויס עבֿרי, דאַרף מען לעזן. פֿון
אָנפֿאַנג לעזט מען גרינגע ביכלעך און מע
לעזט זיך אײַן“, אוריה קאַצענעלענבאָגען,
קראַפֿט און ליבע, ווילנע 1904.
אײַנלעכלען — טרוו. ־כּל אײַן, ~געלעכלט.
מאַכן לעכלעך אין עפּעס. א, בלעך און
אַרײַנקלאַפּן גרויסע שטיפֿטן. א, פּאַפּיר. א, אַ פּאַסיק.
אויך: ~לעכערן — מאַכן לעכער.
אײַנלעלען — דזוו אײַנליולען ←.
איינלעמסלען — טרוו ־פּל אײַן, ~
געלעמ—
.
פּלט. נעאָל. אַרײַנשטעלן, אַרײַנשרויפֿן
לעמפּלעך. א, הונדערט־וואַטיקע לעמפּלעך אין די
דרײַ ליידיקע געשטעלן.
איינלענקען — טרוו. לענק אײַן, י.,געלענקט.
--

איינגלייכן, אַרײַנשטעלן צוריק ריכטיק אין געלענק. היפּוך פֿון אויסלענקען. "אפֿשר מאַכט אַ מונטער מיידל איצט אַ טענצל און געדענקט מיך צום גוטן: כ'האָב אַנומלט ס'קרומע פֿיסל אײַנגעלענקט", אול, 'דער שלוקערץ'.

אײַנלעקן — טרוו. לעק אײַן, ~געלעקט.

אײַננעצן מיט דער צונג. א אַ קאָנווערט פֿאַרן פֿאַר,

קלעפּן. א, אַ וואונד, ווי אַ הונט. מיט ז י ך — אײַנחנפֿענען. א, זיך צום נאַטשאַלניק.

איינלערנ עז — טרוו. לערן אײַן, ~געלערנט.

-

1. אײַנשטודירן מיט התמדה, ביז מע קען עס. א, א בלאט גמרא. בײַם א, אַ נײַ יידיש וואָרט גלײַכצײַטיק אויסלערנען זײַן באַשטימטן

אַראײַנלעשן

טיקל. "ווען מע הייבט אָן לערנען זעקסיאָריקע קינדער די קונסט צו לייענען, קען מען נעמען אַ ף און א אַז דאָס איז אַ פֿ',,, ים, ייִשפּ 1 ,XIX.

,

,,לעתיד לבוא וועט גאָט אַליין זיצן אין הימל און א, מיט די צדיקים און מיט דער פמליא

של מעלה אַ נײַע תּורה,,, א ליפּינער,

אידעאָלאָגיע....

2. אײַנחזרן, אײַנזובּרעווען, פֿאַראײגענען אויף אַ מעכאַנישן אופֿן. א אַ ליד אויף אויסנ,

וויניק און ניט וויסן דעם פּירוש־המילות. ,,בײַם א, מ י ט די תּלמידים [די ראָלע] בּין איך געווען דער גאַנצער קנאַקער", א גאָלדפֿאַדען [ד. י. זילבּערבּוש, מענשען און געשעהענישען, ווין 1931].

3. לערנען מידות, בּיז דאָס ווערט אַ נאַטירלעך אויפֿפֿירן זיך. א, שטאַט. ,,דאָס קינד איז אונטערגעהאָדעוועט געווען און אײַנגעלערנט איידלקייט", מע ה אַלפֿס יI. ,,... ווײַל די ייִדישקייט אירע וואַר איר ניט אײַנגעלערנט און פֿאַרשטאַנדיק געמאַכט", אמד, רויזע פּינקעל, ווילנע תּרל"ד.

מיט ז י ך — ,,דער ליטווישער ייִד דאַרף זיך א, די אַלע פֿ לן פֿון קלאַנגיקן איבּערבּײַט וי —

יי. וואָס ער אָט זי ניט גרייטערהייט פֿון זײַן מוטערשפּראַך... בוים — ביימער, ביימל; דער פֿויגל... דאָס פֿייגעלע... גרויס... די גרייס אאזוו", ימ, יושפ XI.

־ונג. ־עכן. ־עניש. ־ער — אַן א, בײַ גימנאַסטיק פֿאַר אַ ספּאָרט־פֿאַרמעסט.

— ,

־ערײַ.

איינלעשן — טרוו. לעש איַן, ~געלאָשן

־

(~געלעשט). 1. מאַכן עס זאָל אויפֿהערן ברענען. א, מיט וואַסער. א, מיט זאַמד. די פֿאָזשאַרניקעס קומען א, דאָס פֿײַער. „דאָס גראָז האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז איך האָב קוים מיט די טריט געקאָנט א'", יק. "פּולקן מוראַשקעס פֿלעגן זיך וואַרפֿן אין פֿלאַם און א',„ בילדער פֿון טהיער לעבן, ווילנע 1898. *א, דאָס פֿײַער אין האַרצן — אײַנשטילן אַ תאווה, אַ ליבשאַפֿט.

2. אײַנשטילן אַ ברענעניש. א, דעם דאָרשט. „די דאָקטוירים... האָבן זיך באַמיט אײַנצולעשן דאָס פֿײַער פֿון דעם גיפֿט,„ ח. ש. סליווקין, הנודד, דער נע־ונדניק, וואַרשע תרנ"ג.

3. (ווען אַ פֿלעק) מאַכן ווייניקער קאָנטיק.

א, דאָס באַשפּריצטע קליידל מיט בענזין. א, די טינט־באָנדע אויפֿן פּאַפּיר.

4. אָפּשטעלן אַ מחלוקת, אַ קריגערײַ.

פֿלעגט אויך אײַנצולעשן יעדן קריג וואָס ...,,

פֿלעגט דאָרט ווערן,,, אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. *א, בײַ זיי די שׂריפֿה — אײַנשטעלן שלום־בית.

5. דעמפֿן. מאַכן ווייניקער שרײַאיק. א, דעם רויטן קאָליר. א, דעם מיטלסטן טייל פֿון דער אווווערטורע. אויך מיט ז י ך פֿון זיך. די

מחלוקה וועט זיך א'. ־ער.

איינלקהנען — [... לאַ'קכענען] ←

אײַנלאַט־־

כענען.

1

אײַנמאַגאַזינירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~ מאַגאַזינירט. אבֿק. אַרײַנגעבן אין מאַגאַזין, סחורהלאַגער. א, סחורות ־ונג.

.

איינמאָגנדיק — אַדי. וואָס איז מיט איין

מאָגן. א'ע בעלי־חיים.
איינמאַגנעטיזירן — טרוו ־זיר איַין, ~
מאַג—
.
נעטיזירט. 1. אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן מאַכן
מאַגנעט־פֿעאיק. א אַ שטיקל איַיזן. 2. האַלטן
,
געשפּאַנט, אַזוי ווי צוציִען פֿאַראינטערעסירן.
.
,,דער אַקראָבאַט האָט איַינמאַגנעטיזירט דעם
עולם,,. א, דעם עולם מיט אַ פֿיַערדיקער רעדע.
3. איַינכּישופֿן. א, עמעצן מיט די אויגן, מיט
די גוטע מידות. ־ונג.
איינמאָגערן — טרוו. ־ער איַין, י.,געמאָגערט.
--
1. ניט געבן גענוג עסן, רו אע, מאַכן מאָגער,
דאַר. האָדעווען עמעצן אויף פּיסנע ברויט און
וואַסער, א, אים. 2. איַינטריקענען. איַינדאַרן.
ער איז איַינגעמאָגערט געוואָרן. די פּרנסה, די
הכנסה איז איַינגעמאָגערט געוואָרן. מיט ז י ך.
־ונג.
איינמאַדז(ש)גען — טרוו ־גע איַין, ..־,
גע—
.
מאַדז(ש)געט. איַינשמירן, איַינשמוציקן. א, די
קליידער, פּאַפּירן.

אײַנמאָווערן — ← אײַנמויערן. ‟זיי האָבן ייִדישע קינדער אײַנגעמאָווערט...“, מחזור שלש רגלים, סלאַוויטע 1832, עז/א. „האָט... אײַנגעמאָווערט דאָס בלעכענע פֿעסל אין אויוון“, א. גובניצקי, סאָוו, היימלאַנד, 8 1967, No.

איינמאַזשען — טרוו ־זשע אײַן, ,
געמאַ— .
זשעט. אײַנשמירן. אײַנפֿאַטשקען. א, דאָס פּנים מיט סאַזשע. א, די העפֿט, די ,טעטראַדקע, פֿיג.
— .
א, עמעצנס נאָמען. מיט ז י ך. ־עניש.

איינמאָטיוויק — אַדי. 1. וואָס איז פֿון (האָט) איין מאָטיוו. א'ע לידער. א'ע בילדער. 2. וואָס האָט איין ראַיה, באַווײַז. א'ע טענה.

איינמאַטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געמאַ־־
טערט. 1. דערפֿירן צו דעם מע זאָל בלײַבן אָן כּוחות. א, עמעצן מיט שווערער אַרבעט. „די אײַנמאַטער־גיפֿטן האָבן זיך אָנגעקליבן אין אונדזער בלוט,,, ט. בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. 2. אָפּשוואַכן די פֿעאיקייט צו באַנעמען אָדער די חושים אויפֿצונעמען. א, דעם קאָפּ. א, די אויגן מיט צו פֿיל לייענען. 3. נערוועז מאַכן. א, עמעצן מיט קלאָץ־קשיות. „[ער

האָט געקענט א, אַ מענטשן מיט זײַנע לאַנגע
הפֿסקות פֿון איין וואָרט בּיסקל צווייטן", חג,
טמז, 4 .12 1965 XI. אײַנמוטשען.
אײַנפּײַניקן. א, די פֿערד. א, ד אַרעסטירטע מיט
אויסי
פֿרעגן זיי אין מיטן נאַכט.
מיט ז י ך — "די טויטע האָבּן זיך
אײַנגעמאַטערט צו וואַרטן", זשיט I, נ,,י 1912 ־ונג
.
— "סיבּות וואָס טייטן אָפּ די אַרבּעטפֿרייד:
... א,, אַ שלעכט אײַנגעאָרדנטער
אַרבּעטפּלאַץ...,,, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
־ניש.
איינמאָטשען — טרוו ־טשע אײַן, ~
געמאָ— .
טשעט. פּפֿ: ,מאָצען. סל. אײַננעצן.

דורכאײַנמאַכן

נעמען מיט אַ פֿליסיקייט. א, די גרעט. א אַ
,

שוואָם. מיט ז י ך — א, זיך אין רעגן.
איינמאַכל(י)עווען — טרוו ־ל(י)עווע אײַן,

—

~געמאַכל(י)עוועט. [פֿון פֿויל, אוק און דאָרטן פֿון 'מאַכער'.] אָפּנאַרן בײַם ציילן געלט, בײַם מעסטן אָדער וועגן. א, אַ פּאָר איילן לײַוונט. א, עטלעכע רובל.
איינמאַכן — טרוו. מאַך אײַן, ~געמאַכט.
--
1. אַרײַנטאָן, אַרײַנציִען. א אַ פֿאָדעם אין נאָדל.

א, די דראַטווע. א, די בענדלעך אין די שיך.
א, די אָסנאָווע (←). 2. אַרײַנניייען, אַרײַנפֿלעכטן. א, ד אַרבל, די קעשענעס אע. א, דראָט

אין געפֿלאָכטענע קערבלעך.
3. ספּעצ אײַנפֿלעכטן ציצית. א, ציצית אין טלית און אין אַרבע־כּנפֿות און מאַכן דערבײַ די נייטיקע קניפּלעך און כּריכות. „ווען ער האָט זיך געקויפֿט אַ טלית, מאַכט ער שהחיינו, ווען ער מאַכט אײַן ציצית“, חא, מד/ב. „ווען איין ציצי איז פּסול געוואָרן, איז אָסור צו גיין אין דעם אַרבע־כּנפֿות, נאָר ער מוז תּיכּף א, אַן אַנדערע“, דרך אָדם, וואַרשע 1860. “ער קען אויך מאַכן אַ קשר צו ביידע תּפֿילין און א, ציצית אין אַ טלית־קטן און אַ טלית־גדול“,

ייִפּאָל, 20 1885, No פּפֿ: ער איז אַזאַ מבֿין

אויף טײַערע סחורות (אויפֿן מגיד, חזן אע)
וו אַ ייִדענע אויף א, ציצית.

4. אַרײַנגיסן, אַרײַנשיטן, אַרײַנקנעטן אע בײַם גרייטן שפּײַז. א, טריפֿלעך אין זופּ. א, ראָזשינקעס אין טייג. א, לאָרבערבלעטער א□ן טאָפּ. א, קאַרשן, מאַלינעס אע = מאַכן אײַנגעמאַכטס פֿון קאַרשן, מאַלינעס אע.

5. בײַ יעדער מין אַרבעט אַרײַנגעבן עפּעס אין עפּעס. א, פֿאַרביקע פֿעדעם בײַם וועבן. א, נאָך קאַלך אין וואַפּנע.

6. אײַנפּאַקן, אײַנבינדן פֿאַרשפּיליען. א, די פֿעק סחורה. א, די קנעפּלעך.

7. אײַנשטעלן, אײַנזײַערן, אײַנמאַרינירן. פֿאַרפּראַווען מיט געווירצן אע. א, אוגערקעס. א, קרויט. "דאשׂ גלײַכן ווען מן צימוז אין מאַכט אַדר ירקות, מאַכט מן דריבר בורא פּרי האדמה", □ה I, נו/ב. "זיא נעמן איין מענשן דער איין בכור איז אונ, שעכטן אים אונ, זאַלצן אים אײַן אונ, מאַכן אים אײַן אין (בשׂמים)....,,,, צור, וירא. ,,ווער ס'האָט פֿון פֿרײַטיק ביז

פּורים די פֿיש באַהאַלטן, זענען זיי שוין נישט פֿריש געוועזן און מע האָט זיי געמוזט 'א, אין זויערן',,, יע, ייִדישע מאכלים II. *קענסט (מעגסט) עס (דיר) א, אין זויערן = האַלטן זיך מיט דעם, מיט דער טײַערער מציאה (מתּנה אע), איך דאַרף עס ניט.

8. אויסקנעטן און האַלטן וואַרעם עס זאָל נעמען יוירן. (אײַנ)ראָשטשינען. א, ברויט, טייג, חלה. ,,אַזו האבן דיא (יהודים) ניט גיוואושט דאשׂ זיא דיא זעלביגי נאַכט ווערן ארליזט ווערן, האבן טייג אײַן גימאַכט גהאַט דשׂ מאָרגינשׂ פֿריא צו באַקן'', עפּש, סידור תּפֿילות, אמשט תּק''ח, קמה/א. ''זאָל איטלעכער נזהר זײַן אײַנצומאַכן [טייג] וואָס קיין ספֿק איז דאָס שיעור חלה איז [כּדי צו נעמען חלה און מאַכן די ברכה],,, שלחן ערוך אורח חיים, ווילנע תּקע''א.

איי'נמאָל

9. מאַכן אַז עפּעס זאָל זײַן א י ן עפּעס. אַרײַנמאַכן. אַרײַנקאַשערן. א, דאָס העמד אין די הויזן. א, דעם קאָלנער פֿון מאַרינאַרקע אונטערן מאַנטל.

1o. אײַנשמוציקן. אײַנשמירן. אײַנריכטן.

פֿאַרפֿאַטשקען. א, די הענט, די קליידער. *ניט וועלן א, די הענט = מיט ביטול. ניט וועלן זיך פֿאַרנעמען מיט עמעצן אָדער עפּעס, ווײַל עס איז דערווידער. ניט וועלן א, די הענט מיט אַזאַ שווינדלעריש געשעפֿטל. „איך וואָלט אים אויסגעפֿאַטשט, האָב איך אָבער ניט געוואָלט א, די הענט אין זײַן מיאוסער צורה“.

11. אָפּשווינדלען פֿאַרדרייען אַ חשבון.

אָפּ.

נאַרן בײַם ציילן, מעסטן, וועגן. מאַכן שותּפֿות מיט עמעצן און א, אים א י ן די חשבונות.

א, עמעצן ב ײַ ם חשבון. א, אַ חשבון. א, אַ חודש דירה־געלט, קומען פֿאַר דרײַ חדשים און באַצאָלן נאָר פֿאַר צוויי. אָפּוועגן זעק תּבֿואה און א, עטלעכע פֿוד. *א, עמעצן אין אַ קליין טעפּל = אים קונציק אָפּנאַרן. *א, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס = אינגאַנצן אָפּנאַרן. צונעמען אַלץ.

„נאָר אָן שקרות, מאַך מיר (מיך) ניט אײַן1“, פֿוול. “כּאָדײַ אים [דעם פּריץ] ווײַזן זײַן צעריסענע קאַפּאָטע, אָבער אים א, אַ קערבל אין דער ראַטע“, ייִל, וועלט־לוח, אַדעס תּרמ“ג.

מיט ז י ך — *מאַך זיך אײַן אין אַ קליין טעפּל = פֿאַרדריי זיך אַליין דעם קאָפּ. *מאַך זיך (דיך) אײַן אין זיסן און אין זויערן = טו

וואָס דו ווילסט, אָבער פֿרעג ניט קיין עצות;
לאָז מיך געמאַך. אויך: צומאַכן זיך,
אַרײַנחנפֿענען זיך. א, זיך צום בעל־הבית. א, זיך
צום גבֿירס טאָכטער ־ונג ־עניש.

. .

־ער.
איי'נמאָל — [ערשטער טראַף בולט אַקצענטירט,
צווייטער אָן אַקצענט. בײַם אַרויסרעדן אָפֿט:
"איי'מאָל"] אַדוו. 1. דזוו אַמאָל. ווײַזט אויף
אַ צ ײַ ט וואָס איז שוין פֿאַרגאַנגען, אָן אַ
גענויען אָנווײַז ווען עס איז געשען און אָן אַן
אָנווײַז ווי לאַנג עס האָט געדויערט. א, מאַכט
ער צו מיר.... א, פֿאַרווילט זיך אים....
„א, האָט געלעבט אַ ייִד מיט אַ ייִדענע...",
פֿמ. „א, האָט דער עלטסטער געזאָגט צו די
ברידער" פֿמ. „א, האָט זיך געטראָפֿן אַז
אויף,
שטייענדיק פֿרימאָרגן האָט דער גלופּסקער עולם
פֿון טײַך קיין סימן ניט געפֿונען", ממוס,
ווינטשפֿ. „א, בײַנאַכט האָט מען אונדז
אָנגעקלאַפּט אין די לאָדן", יק. „א, איז ער...
שטיל אונטערגעגאַנגען צו... און האָט אים
געזאָגט", בערג, אָפּגאַנג. „און א', ווען די זון
האָט אויפֿגעשײַנט האָט זי אויך געשײַנט פֿאַר

אַבֿרהמלס אויגן“, ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג'.
“איך בין א אַרונטערגעפֿאַלן... מיט אַ לאָמפּ

,

אין די הענט“, מלה, לידער I.

2. ווײַזט אויף אינגאַנצן אַן אומבאַשטימטער
צײַט (אויך בנוגע הווה און עתיד). א, פֿאַר
אַלעמאָל (אָנ)זאָגן, (אָנ)ווײַזן אע. „כ'וועל נאָך
א, זיך באַזעצן אין ארץ־ישׂראל“. „איך וויל נון
איין מאָל [אַרכ אויסלייג] איין היים ציהן“,
מבֿ „א אַ ייִד — שטענדיק (אַלעמאָל) אַ ייִד„,

,

8

שוו. אַזוי אויך: א אַ גבֿיר (אַ פּאַרך אאַ) —

,

שטענדיק אַ גבֿיר.... א'־ג ע ו ו ע ז ע נ ע, א'־
ו ו ע ר נ ד י ק ע דערשײַנונג.

3. דזוו ז ע ל ט ן. א, אין אַ שמיטה (יובֿל .
ער קומט צו מיר א, אין אַ יובֿל. א, טרעפֿט
זיך אַזוינס = זעלטן... [איין מאָל טרעפֿט זיך
אַזוינס = בלויז איין מאָל, עס קען ניט זײַן
קיין צווייט מאָל]. „א, איז קיינמאָל“, שוו.

ני(ש)ט א, = אָפּט, אַ סך מאָל. „ער איז גוט
געווען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון זײַן
פֿאָלק און נישט א,... האָט ער ליב געהאַט
צו דערציילן...,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
„ניט א, האָט אויפֿגעוואַכטער ווירבלווינט מײַן
וואַסערגלאַנץ גערונצלט“, א. שום אַטשער, אין

שעהען פֿון ליבשאַפּט.

4 פֿאַרבײַט: אַן אויסנאַם, אַ זעלטנקייט. קיין

.

גלײַכס צו דעם איז ניטאָ. אָפּט איר, ספּעצ,
ווען עס קומט מיט ש ו י ן. שוין א, אַ
חכמה! (שוין) א, אַ שוטה! (שוין) א, אַ מענטש!
שוין א, אַ צאַצקע! דער אמתער תּכשיט! [
מעגלעך א, מיט התפּעלות, א, מיט ביטול] (שוין)
א אַ גוט שטיקל סחורה. *„ער שנײַדט זיך

,

שוין א, אויף אַ לײַט“ = ער הייבט אָן גיין
אויף שלעכטע וועגן, ס'ועט פֿון אים קיין
לײַט ניט ווערן. „שוין א, אַ מאַן, זי האָט פֿון
אים אָפּגעשניטענע יאָר“. *שוין א, אַ סחורה =
אויך וועגן אַ שלעכטן, פֿאַרדאָרבענעם מאַן און
וועגן אַ שלעכטער און אויך וועגן אַ

צעלאָזענער פֿרוי. „אַ פֿאַפּיר ס'זאָל זײַן א אַ פּאַפּיר“, שע, אַלעמען גלײַך'. „שוין א אַ סוכה!“, שע.

„ס'איז אינעם שטעטל אַ מחיה געוואָרן. א, אַ קונה! א, אַ צאָלער„, פּרץ, לידער און פּאָעמען. “אַז איך וואָלט געווען אַ גרויסער אָדער איך וואָלט זײַן אַ קייסער, וואָלט איך זיך געקויפֿט אַ פֿערד, א, שוין אַ פֿערד“, מל, 'צוויי ייִנגלעך'. געניצט אויך מיט נעמען. א'־משה, א,־חיים אאַזוו. “האָבן זיי אַ טאָכטער פֿרומע־ליבֿע, א, אַ פֿרומע־ליבֿע!“.

5. קאַטעגאָריש. פֿאַרבײַט: ניטאָ וואָס איבערצופֿרעגן אָדער צו טענהן. א, נ י י ן! א, י אָ! “ער זאָגט א, ניין — און טו אים עפּעס“. “ניטאָ וואָס צו רעדן. עס איז ש ו י ן א אַזוי“. „א, טו און פֿרעג ניט„.

6. דזוו ערשטנס, ראשית־כּל. קומט געוויינלעך מיט אַ ו ו ע ק. „ער האָט געקראָגן אַ ירושה, דאָס איז א, אַוועק, און דערנאָך האָט ער סתּם געהאַט מזל“. “מע שאַרט גאָלד, איז דיר א, אַוועק. צווייטנס, האָט ער נאָך שטודירט און געענדיקט„, מ. דלוזשנאָווסקי פּאָר, 26 1965 I.

7. מיט פּרעפּ א ו י ף, מ׳ י ט — פֿלוצלונג, אומגעריכטערהייט. מיט א, איז געוואָרן פֿינצטער (ליכטיק, גוט אאַזוו). „מ׳האָט מיט א, פֿאַרגעסן די נויט„, פּרץ, לידער און פּאָעמען „אפֿשר איז ער דערגאַנגען מיט א׳, דורך איין שפּרונג?“, אַש, תּהילים־ייִד. „אויף א, [איז] אויסגעוואָקסן אַ וואָגן פֿריש־געקאָסעט היי“, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האָרבסט.

איי׳ן מאָ׳ל — [יעדער וואָרט אַקצענטירט] צוו איין + סובֿ מאָל. אַן איינציק מאָל. במשך פֿון אַ באַשטימטער צײַט. קומען צו דער

אַלאיינמאָליק

טער מוטער א, מ, אין דער וואָך פֿאָרן צום רבֿין נאָר א, מ, אַ יאָר. עסן נאָר א, מ, אין מעת־לעת. גיין צום דאָקטער א, מ, אַ חודש. טאַקע נאָר א, מ, אין אַ שמיטה (אין אַ יובֿל). „א, מ אַ שׂכל, דעם צווייטן מאָל אַ חן, דעם דריטן מאָ׳ל גיט מען אין די ציין“; „דאָרטן וואו מע בעט דיך — גיי א, מ׳, וואו מע בעט דיך

נישט — גיי קיינמאָל“, שוו. ,,כאָטש א, מ, אין
לעבּן פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון זײַן אַ גבֿיר“,
פֿוול. ,,ער עסט נאָר א, מ, אין טאָג פֿון
אינ-----

דערפֿרי בּיזן לייגן זיך שלאָ□ן“, □ ול ,,□ □ו□
האָבּן מיטגענומען שפּײַז נאָר אויף א, מ,
אָפּעסן“. “א, מ, זאָגסטו? אַ סך מאָל האָט ער עס
געטאָן“. “פֿיל יאָר אום רעכט איז ניט א, מ,
רעכט“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו
1796. “ווען דער בּחור זעלט איין מאהל דיא
שול פֿר שלאַפֿן...“, 'בּחורים־ליד', פֿפֿדמ 1750
[ייִבֿל XIII]. ,,בּעסער א, מ, שטאַרבּן ווי צען מאָל
אין טאָג אויסגיין פֿאַר הונגער“, ממוס, ווינטשפֿ.
,,דו ווילסט אים קענען מיט א, מ, [בּאַגעגענען
זיך] — דאָס איז אוממעגלעך,,, ספּ, סודות.
“יונגע מענטשן וואָס קענען ליבּן בּלויז א,
מ'... אין זייער לעבּן“, מוק, מ□.נע
בּאַגעגענישן. “מײַן אוממאַכט שרײַט פֿון מיר אַרויס,
כאָטש א, מ, ווער אויך דו אוממעכטיק“, הל.
“איינמאָל האָט מען זיי [די יודנראַטניקעס]
גערופֿן אין געסטאַפּאָ, וואו אַן עס־עס־מאַן האָט
פֿאָרגעלייענט פֿון אַ צײַטונג אַז אין א“י ווערט
געשאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה... דערנאָך האָט
מען די ייִדן צעשלאָגן. ווען זיי זײַנען

אַרויסגעקומען, האָט זיך איינער פֿון זיי אָנגערופֿן:
כאָטש א, מ, מיט אַ פֿאַרוואָס“ פֿלח, No 6.

,

איינמאָל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

-

פֿון איינמאָלן II & I. אַ גראָטענער א'. דער
פֿאַרלוסט בײַם א'.
איין־מאָל־איינס — דער, ־ן. כּפֿל־טאַבעלע,
וואָס ווײַזט די רעזולטאַטן פֿון כּסדרדיקן כּפֿלען
צאָלן אויף צאָלן (געווײנלעך בִיז 10 ▯< 10 אָדער
12 ▯< 12). קענען דעם א,־מ'־א, אויף
אדיסנווייניק.
איינמאָלט — אַדוו. פֿטמ. דזוו איינמאָל. „א,
איז געווען אַזוי...“. „איין מאָלט האַלטן די
שׂרים עצות מיט אַנאַנדר...„, לט1, לד/ב.
איינמאַל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אײַן,

-

~געמאַל(י)עוועט. גוט, גרינטלעך מאַליעווען.
„די ווענט האָבן געהאַט אַ טונקעלן קאָליר,
דאַרף מען זיי גוט א, בײַם איבערמאַלעווען
אויף ראָז„..
איינמאָליק — אַדי. 1. וואָס איז (געשעט,
קומט פֿאָר) נאָר איין מאָל. א'(ע) געשעעניש.
א'ע דערהויבנקייט. א'ע סובסידיע, שטיצע.

א'ער אַרויסטריט. „זיבן מאָל פֿאַל איך, זיבן
מאָל זינק איך נאָך אַן א'ן פֿלי'„ הל, אַ בלאַט...
עפּלבוים. „עס טונקלט. די לעצטע, די
אורלעצטע ליניע קרישטאָליק־א, פֿאַרלויפֿט מיר
אין צאַפּל‟, סוצ, פּײַערוואָגן. 2. אַריגינעל.
וואָס איז אַנדערש ווי געוויינלעך. „אַ בילד פֿון
אַ לעבן וואָס איז א, און דעריבער
אייגנאַרטיק‟, באַש, מײַן טאַטנס בית־דין־שטוב.

איינמאָלן
--

־יקייט — „אַ דאָקטער וואָס איז אַ
היילקינסטלער דערפֿילט די באַזונדערקייט פֿון אַן
אָרגאַניזם — זײַן א'„ צײַט, טמז, 3 1964 I.
„אין אונדז אַלעמען לעבט ירושלים, פֿונקען פֿון
איר אייביקייט, א', הייליקייט‟, א. ש. שטיין,
גק, No 34.
איינמאָלן 1 — טרוו. מאָל אײַן, ~געמאָלט
-

(􏰀..„געמאָלן). אַרײַנמאָלן. אָנמאָלן אַ געמעל
אין עפּעס. „טיפֿע, הויכע... געדאַנקען און
ווערטער זײַנען אײַנגעקריצט געוואָרן אין
שטיין, אײַנגעמאָלט געוואָרן אין די דינע

פּאַפּירוס־בלעטער,,, קאָר II. ־ונג. ־עכ ן.
־עניש.
איינמאָלן 11 — טרוו. מאָל איַין, ~געמאָלן,
-

 י.,,געמאָלט. 1. אָנהייבן אָדער פֿאַרענדיקן
צעריַיבן אויף זייער דין. א, מעל אויף ברויט.
2. אָנווערן אין וואָג בײַם אויסמאָלן. ,,וואָס די
שטיינער זײַנען עלטער, אַלץ מער מאָלן זיי
איַין היפּשע פֿונטן מעל“. 3. צעמאָלן. א,
פֿלייש אויף קאָטלעטן. א, קאַווע. 4.
אַרײַנטאָן עפּעס בעתן צעמאָלן. א, אָ ציבעלע, אַ
קאַרטאָפֿל אין פֿלייש. מיט ז י ך ־ונג.
.
־עכ ן. ־עניש.
איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — אַדוו פֿראַזע.
(עס זאָל בלײַבן) אויף שטענדיק. אויף זיכער,
ענדגילטיק, דעפֿיניטיוו. א, פֿ, אַ, באַשליסן, זיך
אָפּרעכענען. ,,א, פּ אַ', אַ סוף (עק) זאָל עס
,
נעמען“. ,,דוא האשׂט מיר איין מאהל פֿר אַלי
מאהל מבֿייש גיוועזין,,, מע t ה של ירושלמי,
הומבורג 1711. ,,מיַין חיה־עטל האָט זיך
גענומען א, פּ אַ, איבערשטשעגליאַען ווין און

'

בערלין,,, שע, זומער־לעבן. ,,מיר מוזן זיך א,
פּ אַ, אויסשמועסן,,, אָפּאַ, 'פֿון ניו־יאָרקער
גע,
טאָ'. *א, פּ אַ', טויט אָדער רויט? = (
חדר,
ייִנגלעך) זאָג ענדגילטיק, ווילסט זיך שלאָגן
אָדער ווערן חבֿר? א'־פּ'־אַ'יק — אַדי.
,,נישטאָ קיין אָביעקטיוו־וויסנשאַפֿטלעכע, א'־פּ'־
אַ'יקע מאָס אין יענע זייער דעליקאַטע ענינים“,
צײַט, טמז,) 30 l9 XII.
איינמאַמען — טרוו ־מע אײַן, ~געמאַמעט.
—
נעאָל. אויפֿנעמען מיט ליבשאַפֿט פֿון אַ
מאַמען, אײַנטוליען צו זיך. ,,אַמא, אויסגעדאַרטע
אַמא, דורך פֿײַערן געהייליקטע, מאַמע מיך
אײַן ווי איך שטיי און גיי,,, א. שומיאטשער,
גק, No 41.
איינמאָמענטיק — אַדי. וואָס געדויערט נאָר
איין מאָמענט. א'ע פּאַוזע. א'ע אינטאָנאַציע.
איינמאַנגלען — טרוו ־גל אײַן, ~געמאַנגלט.
—
.
אײַנפּרעסן געטריקנט וועש אין אַ מאַנגל. א, די
לײַלעכער.

איינמאַנדרעווען — טרוו ־רעווע אײַן, ־י־,

גע־־ .

מאַנדרעוועט. וורר. אײַנמאַטערן. א, עמעצן,

אַרויסשלאָגן פֿון די כוחות.

איינמאָנטירן — טרוו ־טיר אײַן, ~(גע)

מאָנ־ .

טירט. אַרײַנבויען. אַרײַנשטעלן. אײַנסטאַלירן.

אויפֿשטעלן בײַם פֿאַרריכטן. א, די אַנטענע.

,,אין דעם דאָזיקן סאַטעליט איז אײַנמאָנטירט

אַן ,אויג', אַן אינסטרומענט וואָס כאַפּט אויף

די אוראַגאַנען, טײַפֿונען און שטורעמס,,, טאָג,

27 IX 1958. ־ונג.

איינמאַנטען — טרוו ־טע אײַן, ~געמאַנטעט.

— .

פּפֿ: ,מאָנטען, ~מאַנטשען, ~

מאַנטאַטשען. ← אויסמאַנטאַטשען,

אויסמאַנטען, 277. אַרײַנקריגן געלט אָדער עפּעס וואָס

האָט אַ ווערט דורך שווינדל אָדער בעטלען.

א, אַ פּאָר גראָשן. ־עניש.

אײַנמאָנען — טרוו. מאָן אײַן, ~געמאָנט.

--

1. אַרײַנקריגן װאָס עס קומט. אײַנקאַסירן. א, אַן אַלטן חובֿ. א, דעם װעקסל. ״עש איז אַך מותּר זײַני חובֿות אײַן צו מאָנען אַן חל המועד״, לט1, פּד/ב. „אַלע מאָנטיק פֿאַרנאַכט... גײט זי מיט אַ קלײן לעדערן זעקל א, געלט סאַר דער סחורה״, י. גוידאָ, דעך נײַער

פּראָצענטניק, װילנע 1893. „אַ פֿאַרפֿאַלענער חובֿ, װעלכן די פֿאַרװאַלטונג האָט שױן ניט געקאָנט א'... דאַרף בּאַטראַכט װערן אַלס אומפֿאַרמײַדלעכער היזק״, בּ. האַלפּערן אַ האַנט בּוך... פֿון אַ פֿאָלקסבּאַנק, װילנע 1922. אױך פֿיג (← בּ3). „דער בּשעפֿר אום װילן דז ער װאָלט אײַן מאנן פֿון אים [= פּרעהן] זײַן חובֿ,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קצא/ב.

2. אײַנפֿאָדערן, פֿאַרלאַנגען, מאָנען מיט מיטלען פֿון מאַכט און אַרײַנקריגן. א, שטײַערן, קנס, מי־שנדרס אע. „דער פּ״ה [= פּרנסההודש] איז מחויבֿ אײַן צו מאנין דאז קנס תּוך שלשת ימים״, תּקק. „און זאָלין ממנה זײַן... זעלכי קנסות מעות... אײַנצומאהנין״, 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא', תּנ,,ב

[□ □h□,□h□.□ □d□ □ □ □]. „די פּושקע מוז
אײַנגעמאָנט ווערן ניט אַנדערש דורך צוויי מענטשן“,
זרעיס, כד/ב. „איך וויל... צעטיילן הונדערט
טאָלער פֿאַר די אָרעמע און דערנאָך וועלן מיר
א, פֿון די רײַכע טאָפּל“, יבֿ„ץ בערק, רבי
קאַשמאַן דער נעלם, ווילנע תּרנ„ו.
3. אויך אוטוו. קריגן אָדער אויפֿמאָנען אַ
פֿאַרגיטיקונג פֿאַר אַ שאָדן (אַ מאַטעריעלן אָדער
גײַסטיקן). א, אַן אַלטע אָבידע, קריוודע, עוולה.
א, פֿ אַ ר דער אַלטער באַליידיקונג מיט
עטלעכע פּעטש. *גיי א, בײַם רבונו־של־עולם =
אַן ענטפֿער אויף טענות: א) פֿון מיר קענסטו
קיין זאַך ניט קריגן; בּ) איך בין ניט שולדיק.
„ווען איר שוין אויף דר וועלט האָט קיין עונש
אײַן גינומן... איך קאַן אייכשׂ אויף יעניר
וועלט... אײַן מאנן פֿון אײַך„, סהמ, מלאכי,
ג, 6. „מײַן עלטערן האבּן פֿר באָרגן אויף דעם
עולם צו גניסן דאשׂ געלט, אונ איך טוא פֿר
בּירגן אײַן צו מאנן אויף יענר וועלט„, עיון,
ח/ב. „די פֿרומאַקעס, די קנאים, האָבּן קיינמאָל
ניט געוואָלט וואַרטן, ביז גאָט אַליין וועט א,
זײַנע קריוודעס„, מר □י, נ„י 1910. „דעם חסרון
דאַרף ער זוכן אין זיך, נאָר עס האָט ניט
געהאָלפֿן. חײַקל האָט בײַ זיך ניט געקאָנט א'„,

חג, צמח אַטלאַס. אויך מיט ז י ך — פֿון
זיך, אָן כּוונה, אָן באַמיאונג.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.

אײַנמאַסירן

אײַנמאַנצלען — טרוו. ־צל אײַן, ~
געמאַנצלט. דזוו אײַנמאַנטען ←.

אײַנמאַנקירן — אַקוזוו. ־קיר אײַן, ~געמאַ ־
קירט. בײַ יעדער מין אַרבעט מאַכן אָנשטעל
אַז מע טוט זי (און באמת זיך אַרויסדרייען
פֿון איר). א, צײַט. א אַ האַלבן טאָג אַרבעט.

,

אײַנמאַסאַזשירן— טרוו. ־זשיר אײַן, ~(גע)־
מאַסאַזשירט. 1. מיט אַ האַנט (הענט) און
לויט אַ באַשטימטער סיסטעם, ווי אַ
היילונגמיטל, אײַנרײַבן אַן אבֿר פֿון גוף. א, די
פּלייצעס. 2. אַרײַנרײַבן עפּעס מאַסאַזשירנדיק.
א, אָנגעוואַרעמטן בוימל אין ברוסט און
פּלייצעס. „דאַרף מען א, אין די האָר וואַרעמע
זייפֿוואַסער„ פֿאָר, 1964 X l4. אויך מיט ז י ך.

, —

־דנג.

אײַנמאָסט(י)ען — טרוו. ־ט(י)ע אײַן, ~
געמאָסט(י)עט. אויך: ~מעסטען. 1.
אַוועקזעצן אָדער אַוועקלייגן עמעצן (אין אַן ענג
אָרט), עס זאָל יענעם זײַן מער־ווייניק
באַקוועם. א, די פּאַרשוינען אין בויד. א, דעם גאַנצן
עולם אין דעם ענגן זאַל. „די גיבורדיקע
סאַניטאַרן האָבן גענומען א, די חבֿרה אויף די
מאַשינעס“, אי. קיפּניס איבז, ק. טשוקאָווסקי,
די זוניקע, קיִעוו 1934. 2. אײַנלייגן,
אײַנפּאַקן. אַוועקלייגן אויף אַן אָרט. א, די זאַכן
אין וואַליזע. „דאָס טשעמאָדאַנטשיקל, מע זאָל
עס ניט אַוועקלקחנען, מאָסטעט ער אײַן נעבן
זיך„, שע, 'איבער אַ היטל'. „אײַנגעמאָסטעט
דאָס קלומיקל בײַ זיך צווישן די אַקסלען“,
בערג, בײַס דניעפּער II.
געוויינלעך מיט ז י ך — „זיך
אײַנגעמאָסטיעט אויף די בענק. מע זיצט„, מבֿאָ, דעך
גייער. „געזען אַז זיי זאָלן זיך אײַנמעסטען
אויפֿן פֿעראָן מיט די פֿעקלעך„, ה. דאָבין,
צווישנ בינשטאָקנ, מאָסקווע 1941. „זיך
אײַנגעמאָסטעט בײַ דער מוטער אויף די קני און
אַנשלאָפֿן געוואָרן„, נויעך לוריא, באַ דער אָפֿענער
גרוב, מאָסקווע 1944 פֿיג. „די נאַכט די
פֿינ.

צטערע האָט זיך אָנגעזעצט רײַטנדיק אויף די וועלדער... און זיך גוט אײַנגעמאָסטעט“, אי.

קיפּנים איבּז, שמייכלען, כאַרקאָוו 929 .

איינמאַסטיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין מאַסטבּוים. אַן א, שיפֿל.

איינמאַסטיק — אַדי. סל. וואָס האָט נאָר איין ,מאַסט, [ווייכע ט], קאָליר. אַ האַנט מיט א'ע קאָרטן.

איינמאָסיק — אַדי. וואָס האָט (איז פֿון) איין מאָס. ,,... ס'זאָל זיך בּאַקומען אַ שטײַפֿער א, דינער פֿאָדעם“, י. יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו 1925. ,,דערפֿאַר זײַנען די קונסטווערק, וואָס הייבּן זיך אויף... בּיז צו עטיק און רעליגיע — א',,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. א'ער פֿילגליד — מאַט יגור מיט

מער ווי פֿיר זײַטן, וואָס זיי זײַנען אַלע פֿון איין מאָס. ־יקייט.

אײַנמאַסירן — טרוו. ־סיר אײַן, ~(גע) מאַסירט. אײַנרײַבּן (מיט כּוח). א אַ פֿעטס פֿאַרן

,

פֿויסט־פֿאַרמעסט ־ונג.

-

.

אײַנמאַצעווען — טרוו. ־צעווע אײַן, ~
געמאַצעוועט. (גראָבלעך) אײַנרײַבן מיט כּוח.
אײַנמאָצעווען — טרוו. ־צעווע אײַן, ~
געמאָצעוועט. 1. אײַנ􏰀עסטיקן. אײַנקרעפּטיקן. א,
די בּריק מיט בּעלקעס. א, מיט שטריק אַ קאָרכּ
וואָס צעפֿאַלט זיך. 2. אַרומנייען. א, מיט
פֿאָדעם די קנעפּלעכער פֿון מאַנטל.
איינמאַר(אַ)וויכערן — טרוו ־ער אײַן,
􏰀־ I
􏰀,מאַר(אַ)וויכערט. 1. אַרײַנקריגן עפּעס אויף
אַ זשוליקשן אופֿן. אײַנפּריצעווען. א, דעם
יאָלדס עטלעכע זלאָטעס. 2. בּכלל אָפּנאַרן
אין ווערט. א, אַ גלעזל פֿאַר אַ בּאַרליאַנט.
איינמאַרינירן — טרוו ־ניר אײַן, 􏰀..,,(גע)
מאַ— .
רינירט. 1 פֿאַרפּראַווען מיט זויערס, מיט
.
זאַלץ, מיט געווירצן און קאָנסערווירן, לאָזן
שטיין אַ בּאַשטימטע צײַט. א, הערינג פֿיש,
,

שוואָמען אע. ,,און האָט זיי מיט די אייגענע
הענט אין אַ שיסל, ווי הערינג, א .
נגעמאַרנירט,,, מלה, ,זאָל דאָס זײַן אַ וואָרענונג,.
 קענסט עס א, = מע דאַרף עס איצט ניט.
''נעכטן האָבֿ איך עס באַדאַרפֿט האָבן, אָבער
הײַנט מעגסטו עס א'''. *קענסט עס דיר א,
אין זויערן = עס טויג ניט, מע קען עס ניט
ניצן. *א, עמעצן אין פּעסל = פֿאַרשיקן,
אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה.
2. פֿאַרציִען פֿאַרשלעפֿן (אַן ענין). א אַ חובֿ.
, ,
א, דעם צוזאָג. א, אַ מ ו י ד — (אומאיידל)
זי ניט חתונה מאַכן. א, עפּעס אין קאָפּ =
אינגאַנצן פֿאַרגעסן וועגן דעם. 3. אָפּנאַרן
פֿאַר.
פֿירן. אוי, האָט מען אים אײַנגעמאַרינירט. מיט
ז י ך — א, זיך אין שטובֿ און זיך ניט ווײַזן
צווישן מענטשן. ''נאָך אַ טייל וועט זיך א, אין
הערמעטיש פֿאַרמאַכטע כּלים פֿון דעם
טראַדיציאָנעלן ייִדנטום'', זשיט II , נ''י 1917 ־ונג.
.
איינמאָרען — טרוו. ־רע אײַן, געמאָרעט.
-

1. אײַנמאַטערן, איבערלאָזן אָן כּוחות. א, עמעצן בײַ שווערער אַרבעט. 2. אײַנהונגערן. אָפּשוואַכן מיטן ניט געבן גענוג שפּײַז. מיט ז י ך — אַזוי א, זיך אַז מע פֿאָרלערנט זיך צו עסן.
אײנמאַרקירן — טרוו ־קיר אײַן, ~(גע) מאַר—
קירט. אויך: ~מאַרקעווען, ~ מאַרקערירן. 1. אײַנצייכענען. א, די אייבערהעמדער, מע זאָל זיי ניט פֿאַרבײַטן אין וועשערײַ. א, די קי. 2. אויסקאָמבינירן, אויסרעכענען. א, פֿאַר אַלעמען גלײַכע חלקים פֿון דעם לאַבן ברויט. א אַ גאַרניטער שטאָף פֿון רעשטל
,
סחורה. 3. אײַנשפּאָרן. א, אַ טייל רײַזעשפּייזן [= הוצאָות]. אויך מיט ז י ך — א, זיך דעם וועג צוריק. ־ינג.
אײנמאָרשטשען — טרוו. ־שטשע אײַן,
-
,געמאָרשטשעט. פּפּ: ~מאַרשטשען. סל. 1. אײַנקנייטשן. א, דאָס פּנים — ניט צופֿרידן זײַן מיט עפּעס. א, אַ ווײַבעריש רעקל, מאַכן פּליסע'. 2. אײַנציִען, אײַנשמעלערן (וועגן גענייטע זאַכן). "הייס וואַסער וועט א, דאָס

וואָלענע קליידל״.

אײנמאָשטשען — טרוו ־שטשע אײַן, ,

געמאָשטשעט. אויך: ~מאָשצ(י)ען. דזוו

()

אײַנמאָסט(י)ען (.). ״זיי האָבן אײַנגעמאָשצעט די בײדע קראַנקע אויפֿן וואָגן״, א. ו. אַלטמאַן אויס סטאָלבצי, דער פֿאַבריקאַנט, ווילנע 1893. ״זיך געקליגט אײַנצומאָשטשען אַ טעפּל בײַ זיך אין קאָשיק״, א. קאַרפּינאָוויטש, בײַם ווילנער דורכהויף, ת״אָ 1967. מיט ז י ך — „די באַנק איז אַ קורצע, אָבער זיי האָכן זיך אַלע ווי ניט איז אײַנגעמאָשציעט״, רייד (גראָדנע). ״כ'האָב זיך שוין עטאַבלירט, אײַנגעמאָשטשעט, אײַנגעאָרדנט גײַסטיק און מאַטעריעל״, פּ. רודאָי, טמז, 6 1964 XII.

איינמאַשיניק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט (איז מיט) איין מאַשין. אַן א'ער וואַרשטאַט.

איינמאַשענעוען — טרוו. ־נעווע אײַן,

-

~(גע)מאַשענעוועט. אַרײַנקריגן אויף אַ זשוליקשן אופֿן. א, אַ היפּשע 'פּותיקי'.

אײַנמוזיצירן — טרוו ־ציר אײַן, ~מוזיצירט.
אײַנלערנען מוזיק. א, מיטן אָרקעסטער די
נײַע קאַנטאַטע. ־ונג.

.
איינמוהן — [... מוי'עכן, מויאַכן] טרוו. מוח

-
--
אײַן, ~געמוׄחט. נעאָל אַרײַנגעבֿן אַ מחשבֿה.

א, אין עמעצן אַ געדאַנק וואָס מע קען זיך פֿון
אים ניט באַפֿרײַען.
איינמוטיק — אדי. וואָס איז מיט איין דעה.
וואָס איז אין פֿולן הסכּם מיט אַנדערע,
איינשטימיק. אַן א'ע החלטה. מלל פֿאַרטײַטשט
,שכם אחד, (צפֿניה, ג, 9): ,,איינמיטיג“ [תּי.
,,אַזוי ווי איין מאַן“] ־יקייט.

.
אײַנמוטיקן — טרוו. ־טיק אײַן, ~געמוטיקט.
אײַנגעבֿן מוט, קוראַזש. א, די יונגעלײַט זיי

זאָלן פֿרײַוויליק גיין דינען. א, די געטאָ־ייִדן.
מיט ז י ך. ־ונג.
איינמוטשען — טרוו ־טשע איַין, ~

געמוטשעט. דזוו איַינמאַטערן, בּ1, נאָר
שטאַרקער, עמפֿאַטישער, בּוֹלטער. מיט ז י ך.
־עניש.
איַינמויערן — טרןו. ־ער איַין, ~געמויערט.
פּפֿ: ,מייערן. 1. איַינבּויען, אַרײַנשטעלן,
-
אויפֿשטעלן עפּעס וואָס איז ווי אַ מויער,
געמאַכט פֿון ציגל אָדער שטיינער. א אַ פּליטע
,

-
אין קיך. "נײַע, מאָדנע קאַכל־אויוונס וואָס אַ
רײַכער חסיד האָט געלאָזט אין שטיבּל א',,,
אַש, תּהילים־ייִד.

.
2. אַרײַנאַרבּעטן, איַינ עסטיקן אין ציגל,
שטיינער, אין אַ געמויערטן (טייל פֿון אַ) געבּײַ.

א אַ קלאַמרע בײַם ווינקל. „אַ 'טשײַנע, מאַכן,

,
אַ קעסל אויף טיי א'“, ווײַס I, 'פֿון רבּינס
שטובּ'.

3. ניצן ווי אַ טייל מאַטעריאַל בײַם
אויפשטעלן אַ מויער(וואַנט). א, רייען ציגל אין אַ
שטיינערנער וואַנט. „זיא האבּן איין גמויארט
אין דיא מויארן דיא קינדר פֿון ישׂראל אום
וולן צו פֿאַר דרבּן זיא“, מחזור שלש רגלים,
אַמשט 1713. “אַך האָט ער [פּרעה] קינדר ישׂראל
טאָן אין מויארן, דאשׂ אַלישׂ האָט לאַנג טאָן
דויארין“, ע)ה II.

4. איזאָלירן אין אַ געמויערט קעמערל. א,
דעם פֿאַרבּרעכער. א, לעבּעדיקערהייט. “זי איז

אײַנמטריהן

פֿאַראורטיילט געוועזן, מע זאָל זי לעבּעדיק א,
אין גראָבּן,„ י‏t‏ראל אָרנשטיין אין יאַסי,
עזהדעת II, אַס 1884.
,
5 פֿאַרבּאַהאַלטן אין אַ געמויערט אָרט. א,
.
אַן אוצר צווישן די שטיינער פֿון פֿונדאַמענט.

בײַם לייגן דעם ווינקלשטיין א, אַ פֿאַרמעט.
„דורך צעשטויסן די ווענט וועט מען געפֿינען
דאָס באַהאַלטענע גאָלד וואָס די אַמוריים האָבן
אײַנגעמויערט‟, דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 1967
.I 14
6. צונעמען די פֿרײַהייט. פּענטען.
באַצווינגען. ‟און דאָרט האָסטו אײַנגעמויערט די
מיליאָנען פֿון דעם סאַרדאַמטן שטאַם פֿון טיטוסעס
-

לעגיאָנען‟, אַל, 'די מאַדאָנע'.
אויך מיט ז י ך — א, זיך אין אַ בונקער.
דער גאַרניזאָן האָט זיך אײַנגעמויערט. ־ונג.
איינמולי — טרוו ־ליע אײַן, ~געמוליעט.
ען .
-
אײַנשמירן מיט זייף. א, די ברודיקע העמדער.
א, די באָרו פֿאַרן גאָלן.
איינמומלען — טרוו. ־מל אײַן, ~געמומלט.
--
אײַנשעפּטשען, אײַנסודען. א, עפּעס אין אויער.
־עניש.

איינמונטערן — טרוו ־ער איַין, ~
געמונ
טערט. אָנהייבן מונטערן, אויפֿמונטערן.
צוגעבן מוט. א, עמעצן מיט לויבווערטער. מיט
ז י ך. ־ונג.
איַינמוסרן — [... מוסערן] טרוו. מוסר איַין,
~געמוסרט. זאָגן עמעצן שטראָפֿרייד. ווירקן
מיט מוסר. א אַ קינד עס זאָל מורא קריגן אַ
,
פֿיפֿס צו טאָן.
איינמורזען — טרוו. ־זע איַין, יי־,געמורזעט.
-
איַינשמוציקן. איַינפֿאַטשקען. איַינשמירן. א, די
הענט, קליידער. מיט ז י ך — "אַן איין־
ונאיינציקער, אַ גערעאָטענער... ער וואָלט זיך
נאָר אַזוי ניט איַינגעמורזעט", לייזער
קאצאַוויטש, הומאָרעטקעט, מינסק 1933.
איַינמורמלען — טרוו. ־מל איַין, ~געמורמלט.
שטילערהייט זאָגן עפּעס (אין אויער אַרײַן).
א, א סוד. אויך: א אַ תּפֿילה ־עניש.
, .
-

איינמ▯שבֿן — [... מוישעוון] טרוו. מושבֿ אײַן,
--

~געמושבֿט. אײַנמיסטיקן, אײַנבורודיקן. א,
די שטובֿ, אָנמאַכן אַ הקדש.
אײַנמושטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)
מושטירט. פּפֿ: ~מושטרירן. 1. אײַנגעניטן,
אײַנלערנען אַ זעלנער ווי צו גיין, שיסן אאַזוו.
א, סאָלדאַטן ווי צו גיין אויף אַ דעפֿילאַדע.
2. אײַנטרעניִרן, אײַנטרעסירן. א, אַ בער צו
טאַנצן. 3. אײַנקנעלן, אײַנחזרן. א, דרך־ארץ
אין (מיט) אַ גראָבֿיאַן. מיט ז י ך. ־ונג.
איינמזיקן — [... מאַ'זיקן] טרוו. מזיק אײַן,
-

~געמזיקט. צעשלאָגן. צעממיתן. גוט
אָנבֿרעכן די ביינער און צעבֿלוטיקן. א, עמעצן
אַזוי, ער זאָל בלײַבֿן אַ קאַליקע. מיט ז י ך.
איינמטריחן — [... מאַטר.אַכן] טרוו. מטריח
—

אײַן, ~(גע)מטריחט. באַמיִען עמעצן, מיד
מאַכן (מיט בקשות, מיט בעטן טובֿות). "איך
האַף אַז איך האָבֿ אײַך ניט אײַנמטריחט", פּבֿ.
מיט ז י ך — א, זיך בײַ דער וואַל־קאַמפּאַניע.

אײַנמיאוסן

אײַנמיאוסן — [... מיִעסן] טרוו. מיאוס אײַן,
~געמיאוסט. 1. מאַכן מיאוס. א, דאָס
אויסזען. א, דאָס אײגענע פּנים ווי אַ קלאַון אין
צירק. א, עמעצנס נאָמען, מענטשן זאָלן ניט
וועלן מיט אים האָבן צו טאָן. א, אַן
אונטערנעמונג מיטן לעקן זיך צו די פּאָר גבֿירים.
2. מאַכן עקלדיק. א, דאָס עסן, ד אַרעסטאַנטן
י
זאָלן זיך בונטעווען. א, אַ שעדלעכע זאַך, די
קינדער זאָלן ווײַכן פֿון איר. מיט ז י ך —
א, זיך בײַ יענעם אין די אויגן. א, זיך און
פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אַ שד ־ונג.
.
איינמ אַטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ◻ י.,
געי

--
מ אַטשעט. סל. מאַכן ווייך. גוט אײַנקנעטן.
י
א, (ווי) אַ טייגל. א, ליים אויף אויסצוקנעטן
אַ פֿיגורקע.
איינמידיק — אדי. וואָס עס מאַכט מיד. וואָס

-

קען אײַנמידן. אײַנמידנדיק. א'ע געניטונגען. אַ שווערע, גיך־א'ע אַרבעט. ־יקייט — מ)
פֿאַרטײַטשט 'יגיעת בשׂר, (קהלת, יב, 12): „דז איז די אײַן מידיקייט דישׂ פֿלייש פֿון מענשן„
[תּי: „מאַטערט אָפּ דעם לײַבּ„].
אײַנמידן— טרוו. מיד אײַן, ~געמידט. אויך: ~מידערן. 1. מאַכן (זייער) מיד דורך אַרבעט. א, די אַרבעטאָרערס מיט אַ צען־שעהאיקן אַרבעטסטאָג. „אײַנגעמידט ווערט אויך די האַנט וועלכע שטראָפּט“, הל. 2. אײַנמאַטערן. “איך וועל דאָ לאַנג ניט א, מיט אונדזער שמועס, וואָרעם ער האָט שוין געדויערט אַן ערך פֿון גוטע ררײַ שעה“, ייִל. “כּדי אונדזערע קינדער זאָלן ניט זײַן אַזעלכע פֿאַרחוׂשכטע און אויסגעצערטע, דאַרף מען זען זיי ניט אַזוי שטאַרק א'“, חרה מפֿיצי ה)כלה, אַ פּאָר ווערטער צו יודישע עלטערן וועגן חדר, ווילנע 1914.
3. מאַכן אַז עמעצער זאָל פֿאַרלירן די רו, דאָס געדולד. א, מיט אַ נודנער לעקציע. ——— ווי לאַנג רעכנט איר... שטיין אין סטרײַק? —
בּיזוואַנען מיר וועלן די בּאָסעס א',„ אַר, 'דער בּאָס און די סטרײַקערינס'.

מיט ז י ך — זיך א, גייענדיק, אַרבעטנדיק
אאַזוו. „אַרבעטן כסדר בלויז מיט דער נאָדל...
דערבײַ... מידן זיך אײַן די אויגן“, אָזע־
בלעטער, בערלין 1927. „כאַ־כאַ־כאַ, דו האָסט זיך
אײַנגעמידט און איך ניט„, שע, 'שיר־השירים'.
„זיי האָבן זיך אײַנגעמידט געבנדיק“, מ.
בלינקין דאָס נײַע לעבען, נ„י, אַפּריל 1911.
־ונג — „נאָך דער אַרבעט דורכמאַכן די
געהעריקע איבונגען און מיט דעם קען מען די א,
פֿארטרײַבן„ פֿגעז, ווילנע 1 1932, No ־עכ ן
— , .
— „און איך פֿון א, מיטן אַרויסהעלפֿן דעם
,
אַלטן, בין דערווײַל אַנטדרימלט געוואָרן“, ייִל,
דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. ־עניש.
איינמײַליק — אַדי. וואָס איז איין מײַל די
לענג. א'ער מהלך. א'ער אָפּשטאַנד.
איינמייסטערן — טרוו ־ער אײַן, .־,
געמײַס— —
.
טערט. פּפֿ: ~מייסטרעוועו. במקום־ווערב
-
פֿאַר כלערליי מינים אַרבעטן וואו עס קומט
אויס עפּעס אַרײַנצושטעלן, אַרײַנצובויען אין

עפּעס. א אַ גאַנץ פּיסל אינעם טיש. א אַ
פּאָ, ,
ליצע אין (צו דער) וואַנט. א, אַ צעבראָכענעם

1181

טייל פֿון אַ מאַשין. א, עטלעכע לידלעך אין
דער פּיעסע. א, אַן אונטערהער־אַפּאַראַט. ־ונג.
—ניש.
אײַנמײַסן — טרוו. מײַס אײַן, ~געמײַסט.
[אייגנטלעך: ~מײַשן, פֿון דײַטש.] (
שטריקמאַכערײַ, ליטע) מאַכן אויערן [= אַ פֿרײַען
שטח, אַ לעכל צווישן די פֿעדעם פֿון שטריק]
אָדער אײַנדרייען פֿול מאַכן די אויערן מיט
,
פֿעדעם. א, אַ שנור, אַ שטריק.
אײַנמײַערן — ← אײַנמויערן.
איינמייקע(נע)ן — טרוו ־קע אײַן, ~
געמיי— .
קעט. אײַנשמוציקן מיט מייקעכץ.
איבערפֿרעסן זיך און נאָכדעם א, דעם טישטעך.
איינמיירען — טרוו ־רע אײַן, ,,געמיירעט.
.

1. אַרײַנגעבן (אָפּמעסטן, אײַנטיילן) אַ מיירע (בײַם פֿאַרקנעטן אויף מצות). א, מעל. אויך: א, וואַסער = צוגיסן די ריכטיקע מאָס וואַסער אויף צו פֿאַרקנעטן אַ מיירע. 2. מאַכן אַ התחלה פֿון אַן אַרבעט־פּראָצעס. „זיי האָבן געהאַט אַ גוט ווערטל: מיט אונדז האָט מען אײַנגעמיירעט און מיט אײַך וועט מען פֿאַרקנעטן,„, שלמה שטראַוס־מאַרקאָ, דער ראַסיקער אַריער, וואַרשע 1959.

איינמילדערן — טרוו ־ער אײַן, ~ געמיל— I

דערט. מאַכן מילד(ער). א, רייד. א, די מוזיק. „אויף דער עלטער איז ער אײַנגעמילדערט געוואָרן". מיט ז י ך. ־ונג.

איינמיליאָניק — אַדי. וואָס באַטרעפֿט (האָט אין זיך) איין מיליאָן. א'ע אונטערנעמונג. אַן א'ע שטאָט. ־סטע(ר) — וואָס מיט אים (איר) ווערט לויט דער ריי אַ קײַלעכדיקער מיליאָן. דער א'סטער באַזוכער אויף דער אויסשטעלונג.

איינמינוטיק — אַדי. וואָס געדויערט איין מינוט. א'ער שמועס אויפֿן טעלעפֿאָן.

איינמיניק — אַדי. וואָס איז פֿון איין מין. איינאַרטיק. איינהייטלעך. א'ע זאַכן,

בּאַשעפֿענישן. „אַזאַ קערפּער, וואָס יעדער בּרעקל זײַנס
איז ענלעך צום אַנדערן, הייסט א'ער„, מ.
שולמאַן איבּז, א. וו. צינדער, עלעמענטאַר־פֿיזיק I,
מאָסקווע 1923. „ס'איז שוין ניט ווײַט די צײַס
ווען די אַרטן [געוויקסן] ווען זיך בּאַהעפֿטן
מיט זייערע א'ע קרובֿים„, י□ראל־שטימע, 1958
□ 29. א'ע ג ר אַ מ ע ן — אַלע איינטראַפֿיקע,
אָדער אַלע צווייטראַפֿיקע, דרײַטראַפֿיקע. א'ע
ז ײַ ט ן פֿון אַ געאָמעטרישער פֿיגור ־יקייט.
□----
.
אויך: איינמינימדיק, ־יקייט.
איינמיסטיקן — טרוו ־טיק אײַן, □י.„,
געמיס—
.
טיקט. 1. פֿאַראומרייניקן מיט מיסט. א, די
שטובּ. 2. אַרײַנגעבּן מיסט אין בּאָדן (די
גערעטעניש זאָל ווערן אַ גרעסערע). א, אַ פֿעלד.
א אַ גאַנצן אַקער לאַנד פּלאַנצונגען, וואָס
, . „...
לאָזן אין דער ערד לאַנגע וואָרצלען... און
דער גרונט ווערט גוט אײַנגעמיסטיקט“, איבּז,
נ. רובּאַקין, די אייבּיגע מלחמה מיט דער
נאַטור וואַרשע 1906. 3. שטאַרק בּאַשמוצן.
א, דעם נאָמען פֿון אַ חשובֿן טוער. מיט ז י ך.

־דנג.

אײַנמסהרן

אײַנמ◌ען — טרוו. מי אײַן, ~געמיט.
פֿאַרשאַפֿן עמעצן מי, מטריח זײַן. א, עמעצן מיט שתּדלנות. געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך פֿאַר א גוטן פֿרײַנד. איינמיאונג.
־ ◌ ◌ ◌

איינמ(י)עשטשען — דזוו אײַנמאָסט(י)ען
־־

◌.. ,,מיך האָט די מאַמע אײַנגעמיעשטשעט צווישן די זעק‘‘, קאָפּעלאָוו, אַמאָל איז געווען מיט ז י ך. ־עניש.
איינמירבן — ← אײַנמערבן.
־

אײַנמירמלען — טרוו. ־מל אײַן, ~ געמירמלט. פּפֿ: ~מערמירן. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי מירמלשטיין. א, אַ וואַנט.
איינמישן — טרוו. מיש אײַן, ◌.־,געמישט.
־־

1. אײַנגיסן, אײַנשיטן, אײַנגעבן עפּעס פֿון אַן אַנדער מין, סאָרט אע (און דורכמישן). א,

צוקער אין טיי. א, ראָזעווע מעל מיט
געבײַטלטע. א, ווישניאַק מיט סליוואָוויץ. א, קאַלט
וואַסער אין אָקרעפּ. א, גיפֿט אין ווײַן. „,איין
בעכר מיט פֿר מישונג אונ, פֿר שטאָפּונג האשׂטו
צו מצרים אײַן גמישט„, מחזור ר״ה ויו״כ,
הומבורג 1721. 2. אײַנמאַכן אַ שיטער טייג.
א, קאַרטאָפֿל־מעל אויף לאַטקעס. 3.
אַרײַנוואַרפֿן, אַרײַנפּלאָנטערן. א, 'אינאָסטראַנע,
ווערטער אין אַ שמועס. א, פּסוקים אין אַן אַרטיקל.
א, ליגנס מיט אמתן. „,אין ייִדיש־דײַטשע בריפֿע
איז אַנשטענדיג לשון הקודש ווערטער אונד
אויך גמרא ווערטער אײַנצומישן„, בריף
שטעלער שבֿט סופֿר, לעמבערג? יאָר?
מיט ז י ך   פֿון זיך, אָן אַ כוונה. „,צו פֿיל
-----.

צוקער האָט זיך אײַנגעמישט אין געבעקס„.
איינמיש ־ונג ־עכ▯ן ־עניש.
— . . . .
אײַנמלאָכהן — [... מעלאָכען] טרוו. מלאָכה
אײַן, ~געמלאָכהט. 1. אײַנאַרבעטן (
געוויינטלעך איר). א, אַ שטיקל מלאָכה, אַז מע זאָל
זיך האָבן מיט דעם צו קראַצן. 2. דזוו
אײַנמײַסטערן ▯.., אָבער שטענדיק מיטן בײַטעם:

ניט גערעאָטן.
איינמלבּושדיק — [... מאַלבּעש...] אַדי.
1. וואָס האָט (טראָגט) איין מלבּוש. אַן אָרעמער, א'ער אויסשטײַער. 2. אוניפאָרעמדיק. „די קעלנערינס זײַנען אַלע א', מע קען זאָגן כמעט אָנמלבּושדיק“, רייד (נ„י). „אונטער די גלײַכגילטיקע מאַסקעס, אונטער דעם א'ן אָנטאָן [פֿון די סאָלדאַטן] שלאָגן זיך יונגע הערצער„, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931.
איינמל(ע)ן — [... מאַל(ע)ן] טרוו. מל(ע) אײַן,
-
י„געמל(ע)ט. אָנהייבּן מאַכן פֿאַר אַ ייִדן. אָנהייבּן מל(ע) זײַן (שפּאַסיק און ומאיידל). “דער דאָרפֿסיונג איז נאָך קיין ייִד ניט געוואָרן, מע האָט אים נאָר אײַנגעמלט, בּיז מע וועט אים אויף אַן אמת מל זײַן וועט אַוועק אַ יאָר מיט אַ מטוואָך“, רייד (קאָוונע).
איינמסהרן — [... מיסכערן] טרוו. מסחר
--
אײַן, ~געמסחרט. אײַנהאַנדלען, איר. א, אַ סחורה אַר די הינט אַרויסצוואַרפֿן. „די מציאות וואָס מײַן גאַניידעם [= איידעם, ווש מיט

גן־עדן] האָט אײַנגעמסחרט!„.. מיט ז י ך —
דה פֿאַר זיך.
אײַנמסלקן
— [... מעסאַ'לעקן] טוו. מסלק
אײַן, ￼י.‚געמסלקט. אײַנצאָלן. א, אַ שיבוש.
א, כמעט אַלץ און דערנאָך חרטה האָבן.
איינמסרן — [... מאַסערן] טרוו. מסר אײַן,
-
~געמסרט. אײַנגעבן אַ מסירה. פֿאַרמסרן.
א, די חבֿרים פֿאַרן רבין. א, עמעצן פֿאַרן
מלכות. „איינמאָל איז ער געריטן בײַ דעם שׂר
אין הויף אײַנצומסרן אַ ייִדן“, ל. יאָסעלאָוויץ,
ר, עזריעל (.￼..., ווילנע 1892.
איינמעבלירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע)־
-
מעבלירט. אײַנשאַפֿן, אײַנשטעלן מעבל. א,
דאָס גאַנצע הויז. א, דעם זאַל. מיט ז י ך —
„האָבן געלט אויף א, זיך“, טמז, 27 XII 1967.
־דנג.
איינמעכטיקן — טרוו. ־טיק אײַן, ~

געמעכ־
טיקט פֿטמ. באַפֿולמעכטיקן. איבערגעבן רעכט
.
עפֿעס צו טאָן, דורכצופֿירן. א, צוויי מיטגלידער
פֿון פֿאַראיין צו געבן הלוואָות. א, אונדז צו
פֿאַרטרעטן. מיט ז י ך ־ונג.
—
.
איינמעלדן — טרוו. מעלד איַן, ..,געמאָלדן
-
(אויך: ~געמעלדט). 1. לאָזן (געבן) צו וויסן
וועגן אַ וויזיט (בײַ אַ דאָקטער, אַדוואָקאַט אע).
א אַ חולה צום דאָקטער. 2. מודיע זײַן. א,
,
אַ נײַס בפֿני כל עם ועדה. 3. אײַנרעגיסטרירן,
אײַנ אַוועז (בײַ פּאָליציי וועגן אַ נײַ־
אָנגעקומעי
נעם, אויף וואוינרעכט אאַ). א, דעם פּאַספּאָרט
אין פּאָליציי. א, די געסט. 4. וואוילינגעריש.
אָנברעכן די ביינער. אָנפּאַטשן, אָנשלאָגן. ,,מע
האָט אים שוין אײַנגעמאָלדן, ער גייט אַרום
מיט אונטערגעהאַקטע אויגן", רייד (ווילנע).
מיט ז י ך — ,,איר דאַרפֿט זיך דאָך ערגעץ
זען א'. הײַנט איז דאָך סכנות נפֿשות", אַר,

'חבֿרים'. *א, זיך בײַם רבונו־של־עולם = איר.
וועגן ווערן אַ בעל־תּשובֿה. ־ונג. ־עכ ן.
—עניש.
איינמעלדעווען — דזוו דפּוו , ספּעצ בּ4.
-
,,איין פּויערל האָב עך [= איך] אַזוי אויסגעליידיקט... איז ער צוגעשטאַנען: כ'האָב אים בּאַשווינדלט — האָב עך אים אײַנגעמעלדעוועט", ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922.
איינמעל(יק)ן — טרוו. מעל(יק) אײַן, ,
גע .
מעל(יק)ט. 1. אײַנשטויבן, אײַנשמירן מיט מעל. א, עמעצן, מאַכן אים ווײַס ווי אַ מילנער. טראָגן אַ זאַק מעל און א, די בגדים. "—־ גרוי דער מיידלס קאָפּ! — נאַר דו איינער... כ'האָב געבאַקן בולקעס, חלות, ס'צעפּל אײַנגעמעלט", אול, דער באָבעס אוצר. 2. באַשיטן מיט מעל. אײַנרייַבן מיט מעל. א, קאָטלעטן, פֿיש פֿאַרן בראָטן. א, אַ בלאַט לאָקשן פֿאַרן מאַכן די קרעפּלעך. 3. בכלל אײַנשטויבן מיט עפּעס וואָס איז ווײַס. א, מיט קרײַד. מיט ז י ך.
־יקונג.
איינמעלקן — טרוו מעלק אײַן, ~געמאָלקן,

-

~געמעלקט. 1. צוגעוואוינען צום לאָזן זיך מעלקן. א, דאָס יונגע קיִעלע. 2. אַרײַנקריגן בּיסלעכװײַז (אַזוי ווי דורך מעלקן). א, דעם אַלטן חובֿ טראָפֿנוויַיז.

1182

אײַנמעסטן — טרוו. מעסט אײַן, □ ,,געמאָסטן.
1. (אָפּ)מעסטן ווײניקער ווי ס'קומט (בּכּיוון אָדער ניט־בּכּיוון). אָפּנאַרן בײַם מעסטן. א, אַ האַלבּן אַרשין סחורה. 2. אָנווערן פֿאַרלירן

,

בײַם מעסטן. א, פֿון אַ באַל סחורה היפּשע עטלעכע אַרשין. 3. אָפּמעסטן די געהעריקע מאָס. ,,דר זלבּיגר וואשׂ דשׂ מעל אײַן מעשׂט זאָל ניט דשׂ וואַשׂר גישׂן [בײַם בּאַקן מצוה],,, עח, נא/ג. *א, דעם רוקן, די פּיס = שלאָגן מיט אַן אײַזערנער אָדער הילצערנער מאָס איבּערן רוקן, איבּער די פּיס פּרגל אויסמעסטן,

.

בּ □. —עניש.
אײַנמעסטען — ← אײַנמאָסט(י)ען. מיט ז י ך — ,,... געזאָגט, אַרײַנשפּרינגענדיק אין

וואַגאָן... איינמעסטענדיק זיך דאָרט,,, שע, אָסעלע סאָלאָוויי. ‘‘מע האָט זיך בעסער איינֿי

געמעסטעט אויף די איינגעוואַרעמטע ערטער,,, ה. דאָבין, צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941.

איינמעקן — טרוו. מעק איין, .,געמעקט.

1. אָפּמעקן אַ ביסל. א, דאָ און דאָרטן.

2. איינשמירן, איינשמוציקן. א, דאָס בוך מיט פֿעטע לעקן. 3. איינטריקענען מיט מעקפֿאפֿיר. א, דאָס פֿריש אָנגעשריבענע. א,

טינט

-

סימנים. ־עכץ.

איינמערבן — טרוו. מערב איין, ~געמערבט.

פּפֿ: ~מירבן, ~מאַרבן. מאַכן קרוכלע, מערביק. א, ס'געבעקס, ס'זאָל זיך קרישלען אונטער די ציין.

איינמערען — טרוו. ־רע איין, יי־,געמערעט. אוקר. סל. איינשטילן. איינרואיקן. שלום

מאַכן. א, אַ קריגערײַ, אַ מחלוקה. א, די שלעגערס.
אײַנמערקעווען — ← אײַנמאַרקירן.
אײַנמעשטשען — — . אײַנמאָשטשען.
אײַנמציאהוען — [... מעציִע...] טרוו. מציאהווע אײַן, ~געמציאהוועט. אײַנקויפֿן מציאות. איר בײַטעם. ״נאָך גאָרנישט אײַנגעמציאהוועט״, ל. טרייסטער, צוק, סעפּ, 1964.
אײַנמקיא(נע)ן—[... מייקענען] ← אײַנמייקענען.
אײַנמרוטשען — אוטוו ־טשע אײַן, ~ געמרוטשעט. פּפֿ: ~מרוקען. דזוו אײַנבּרוקען, אײַנבּרוטשען. אַרויסבּרענגען קלאַנגען (ענלעכע צו) מרו־מרו. א, ווי אַ הונגעריקע קאַץ.
איינמשפּההדיק — [... מישפּאָכע...] אַדי. וואָס איז פֿון אָדער פֿאַר איין משפּחה. א'ע הײַזער.
אײַננאָגלען — טרוו ־גל אײַן, ~געגאָגלט.
1. אַרײַנקלאַפּן אַ נאָגל. א, קליינע נעגעלעך אין די זוילן. 2. אײַנפֿעסטיקן. א, אַ צעבּראָכן מעבּלשטיק.
אײַננאָגן — טרוו. נאָג אײַן, ~געגאָגט. אײַנזויגן. א, דעם זאַפֿט פֿון אַ ציטרין. מיט ז י ך — אײַנקלאַמערן זיך, אײַנעסן זיך. א, זיך עמעצן אין די ביינער.

אײַננאַדז(ש)ען — טרוו. ־דז(ש)ע אײַן, □י.,,
גענאַדז(ש)עט. פּפֿ: ~נ(י)אַד(י)ען.־□a□]□]□n:□ <
n]□]□][1a: □ □ >.'ם□]ו□]□ □ n]ק□ □.□)□a'r]□
3]□

אײַננאַרן

צוציִען צו זיך. צוגעוואוינען צו זיך.

אײַנהיי

□

מישן. א, אין הויז אַ פֿרעמדן הונט. ,,וואָס האָסטו אײַנגענאַדעט אַהער די כאָפּטע שנאָרער?", רייד (ליטע). "אַ פֿריצישע אַכסניא... אָבער אום מער פֿאַסאַזשירן אײַנצונאַדזען צו זיך, בּרויבט ער צו האָבּן דערצו איינע שיינע פֿרוי אָדער איין שיינע טאָכטער", אמד, רויזע פֿינקעל, 1874.
מיט ז י ך — א, זיך און געפֿינען פֿאַר זיך אַ בּאַקוועם ערטעלע. א, זיך בּײַ יענעם אין האַרצן. ,,די קאַץ האָט זיך אײַנגענאַדזשעט בּײַ אונדז אין הויז". "דער געדאַנק וועגן שוואַרצן אָנצוג האָט זיך בּיסלעכווײַז אײַנגענאַדזעט אין קאָפּ", אַר, 'פֿלאַמעס'. ,,דאָ דאַרף זיך דער

עולם אײַננאַדיען אויף איבער שבת“, ב.
דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „בײַ אים האָבן
זיך אײַנגעגנאַדיעט גנבים“, מוק, פרץ און דאָס
ייִדישע טעאַטער ־עניש.

.

אײננאָדלען — טרוו ־דל אײַן, ~געגאָדלט.

—

.

אַרײַנזעצן, אַרײַנשטעקן אַ נאָדל. א, די מאַשין.
אײננאָטירן — טרוו ־טיר אײַן, ,געגאָטירט.

-

— I

פֿאַרנאָטירן. אײַנשרײַבן. ניט פֿאַרגעסן
אײַנצונאָטירן אַלע הוצאות. מיט ז י ך.
אײננאַכטיק — אַדי. וואָס געדויערט איין
נאַכט. אַן א'ער מאַרש. אַן א'ע אַפֿערע. א'ע
פֿאָרשטעלונג.
אײננאָלן — טרוו. נאָל אײַן, ~געגאָלט. (

אײַנבינדערײַ) אײַנלעכערן מיט אַ נאָל. א, דאָס ביכל.
אײננאַמע — די, ־ן, ־ס. דטשמ נר [הגם אָפּט

-

געניצט]. הכנסה. אַ קנאַפּע א,. “היר שפּילט

מען אַלע טאָג שולמית אין פּאָלנישן מיט גוטע
א'ן אונד גוטן בײַפֿאַל...", פּב [ייִבל X].
איינגאָמענדיק — (מוזט) וואָס ענדיקט זיך
מיט דער נאָטע וואָס האָט דעם זעלביקן נאָמען
ווי די נאָטע וואָס מע האָט מיט איר אָנגעהויבן.
א'ע גאַמע. א'ער מאַזשאָ'ר. (מאַט) א'ע צאָל —
מיט איין באַצייכענונג פֿאַר דער מאָס. 5 קג.
איינגאַפּטאַל ירן, ־ינעווען — טרוו ־ליר,
—
.
־לינעווע אײַן; ~(גע)נאַפּטאַלירט, ־לינעוועט.
אײַנשיטן מיט נאַפּטאַלין. א, די ווינטערדיקע
מאַנטלען, דעם פּעלץ אע, די מאָלן זאָלן זיי
זומער־צײַט ניט צעפֿרעסן. שפּאַסיק: א, די ב..
יחידה קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן.
איינגאַרייען — טרוו ־רײַע אײַן, ~
גענאַ— —
.
רײַעט. פּ: ~נאַראַיען. 1. אײַנרעדן.
סוגעסטירן, רעקאָמענדירן עפּעס צו טאָן מיט
גוטע ריידעלעך. א, אַ געשעפֿטל. א, אַן אַנדער
שידוך. 2. אַרײַנקריגן עמעצן אויף אַ שטעל.
א אַ נײַעם משרת.

,
איינגאָרמאַליזירן — טרוו. ־זיר אײַן, ~

נאָרמאַליזירט. אײַנשטעלן אויף אַן אופֿן עס זאָל
זײַן נאָרמאַל, ווי עס דאַרף זײַן. א, די אַרבעט
אין אַנשטאַלט. ־ונג.
איינאָרמירן — טרוו. ־מיר אײַן, ~(גע)
נאָר־־
מירט. אײַנשטעלן, אײַנפֿירן אַ נאָרמע, אַ
רעגולירונג. א, ד אַרבעט־שעהן ־ונג.
י
.
אײַנאַרן — טרוו. נאַר אײַן, ~גענאַרט.

אַרײַננאַרן. איבערגעווינען, אַרײַנקריגן דורך אַ ליגן,
פֿאַלשקייט. א, עמעצן א שטיינדל אַנשטאָט

אײַננאָרען

אַ בריל אַנט. „אירע ווייכע, זיסע רייד...,
י
שיינע פֿײַעריקע אויגן האָבן מיך אַזוי
פֿריטש,
מעליעט, אַזוי אײַנגענאַרט,„ ייִל, ניט טויט ניט
לעבעדיק, ווילנע תּרנ„ח. אויך מיט ז י ך.
איינאָרען — טרוו. ־רע אײַן, ~גענאָרעט.
-

פּפֿ: [illegible] י־,נורען. 1 פֿאַרבֿאַהאַלטן (ווי) אין אַ

.

נאָרע. א, אַ טרייפֿענע זאַך, אַז קיין שד זאָל
דאָס ניט דערשמעקן. 2. אַרומוויקלען.
פֿאַרדעקן. ,,א, זאָל אים [דעם טאָג] פֿינצטערניש און
טויטער שאָטן‘‘, פּרץ, לידער און פּאָעמען.
3. אַרײַנשטעקן אין עפּעס וואָס איז שוואַרץ,
שמוציק. אײַנשמוציקן. א, די הענטלעך אין
בּלאָטע. א, דעם מאַנטל אין זאַמד און שטויבּ.
4. בּכלל אַרײַנשטעקן אין עפּעס ווי אין אַ
בּאַהעלטעניש, אַן אָרט פֿאַר זיכערקייט. א, דעם
קאָפּ אין דער מאַמעס שויס.
מיט ז י ך — 1. גוט אײַנוויקלען זיך,
אײַנטוליען זיך. א, זיך אין פֿעלץ. ,,... נאָרען זיך
אײַן אין די צעריסענע טולופּלעך און
לויפֿן־לויפֿן אַהיים,,, שע, 'לאַטקעס'. 2.
אײַנקאָרטשען זיך. אײַנמאָסטען זיך. אַרײַנקריכן (אַזוי
ווי) אין אַ נאָרע. א, זיך ווי קעצעלעך אַרום
דער קאַץ. א, זיך ווי אַ חזיר אין בּלאָטע. א,
זיך אין אַ קאַנורע. ,,אַפֿילו די יאַטקע־הינט
האָבּן זיך אײַנגענאָרעט צווישן די קלעצלעך‘‘,
שע, אָרעמע און פֿריילעכע I ־עניש.

.

איינגעען זיך — [... נעג[illegible]ן] אוטוו. נגע זיך

--

אײַן, זיך ~געגנגעט. לד. אײַנעסן זיך, אײַנטשעפּען זיך. א, זיך, מע זאָל פֿון אים ניט קענען פּטור ווערן. "וואָס האָסטו זיך א י ן מיר אײַנגעגעגעט און לאָזסט מיר ניט צו רו?", רייד (קאָוונע).

איינגוליק — אַדי. (וועגן מעל) וואָס איז נאָר איין מאָל דורכגעזיפּט געוואָרן מיט אַ שיטערער זיפּ, רעשעטע. א'ע מעל = טונקעלע מעל.

איינגוקען — טרוו ־קע אײַן, ⁰י.,געגוקעט.

—

אײַנשטילן, אײַנרואיקן מיט נו־נו [ווען מע טאָר ניט רעדן נאָכן מאַכן אַ בּרכה אָדער אין מיטן דאַוונען, זאָגט מען נו־נו]. ,,ועסט מיך ניט א', איך וועל דיר זאָגן אַלץ וואָס עס דריקט אויפֿן האַרץ,,.

אײַננורען — דזוו אײַננאָרען ←. דזוו

אײַננורקען (זיך) ←. "דאָס קעלבּעלע אין שטעלעכל נורעט אײַן דאָס פּעלעכל,,, פּרץ, לידער און פּאָעמען. ,,גאָרניט געענטפֿערט, נאָר אײַנגעהויקערט האָט ער זיך אויף דער קעלניע, אײַנגענורעט דעם פּנים אין באָרד,,, זש, נח פּאַנדרע. "ער האָט צוריק דעם קאָפּ אין קישן

אײַנגענורעט און די אויגן האַלבּ פֿאַרמאַכט“,
הר פֿאַרנאַכט. מיט ז י ך — „רוקט זיך
,
ווײַטער, ווײַטער אין ווינקל און נורעט זיך
שטאַרק אײַן“, ממוס, מסעות. „אײַננורענדיק
זיך אין די פֿאַרשידענע מינים בגדים...,,, אַר,
,דער ווײַטער יאַריד'. ־עניש.
איננורקען — טרוו. ־קע אײַן, „..גענורקעט.
־
אײַנטוקן. א, דעם קאָפּ אונטערן (אין) וואַסער.
געוויינלעך מיט ז י ך — מאַכן נורקעס אין
וואַסער. א, זיך בײַם באָדן זיך פֿיג. א, זיך
.
אין ייִדישקייט.

1183

אײַנניאַדען — טרוו. ־דע אײַן, ~געניאַדעט.
1. דזוו אײַננאַדז(ש)ען ←. 2. ספּעצ. מאַכן
עס זאָל טיף אַרײַנדרינגען אין הויט, אין פֿלייש.
פֿיג אויך אין געמיט. „אַלדאָס מיאוסע מוז ווערן
אויפֿגעדעקט, אַז נישט ווערט עס אַזוי
אײַנגעניאַדעט אַז מ ִי קאָן עס שוין מיט זיבן וואַסערן

נישט אַרונטערשווענקען,,, צײַט. מיט ז י ך —

1. דזוו אײַננ דז(ש)ען זיך. ,,זי האָט זיך בכּיוון
אײַנגעניאַדעט, כּדי אים צו פֿאַרפֿירן“. 2. ספּעצ.
אײַנעסן זיך. ,,אַ רגילות וואָס האָט זיך בײַ
אונדז שטאַרק אײַנגענ אַדעט: מע נעמט
משוי
מדים און מע שטעלט זיי פֿאָר ווי ייִדן“, צײַט,
טמן, 17 IX 1958.

אײַננ אָרען — טרוו. ־רע אײַן, ~געניאָרעט.
י י

אויך: י.,ניורען. דזוו אײַננאָרען ←. צום
בּ3: ,,וועט קומען מיט גרויסע בלאָטיקע
שטיוואַלעס און א, [אויסשמירן] דעם סאַמעט“, רייד
[ייִבּל XXXI, ז, 51]. מיט ז י ך — ,,האָב
מ י ך בּעסער געקענט א, אין דער בלאָטע וואָס
דאָס וואַסער האָט אָנגעמאַכט אויף דער בּריק,,,
קמ, 16 1867, No. ,,אַרויפֿקריכן אויפֿן הויכן
קאַלטן אויוון, זיך אײַננױרען אין די שמאַטעס
און אַנשלאָפֿן ווערן“, סאָוו, היימלאַנד, 1965,
No 4.

איינניגונדיק — [... ניגנ...] אַדי. וואָס
האָט איין ניגון, איין מאָטיוו. עפּעס אַן א'ער
זינגער.

אײַנניטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנניטן (זיך). נעאָל אַנשטאָט
איבּונג — דר, א אָלשוואַנגער איבּז, יונג, דער
קלײנער געאָמעטער, בּערלין 1921. „[דעם] כּוח
פֿון די מוסקלען קאָן מען פֿאַרגרעסערן, אויבּ
מע מאַכט סיסטעמאַטיש געוויסע א'ען“, ט.
בּערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. “די
א'ען... האָבּן געקראָגן בּײַ אַ סך קינדער
דאָס אויסזען פֿון אַ שפּיל“, ימ, קוד, 1943.
איינניטן — טרוו. ניט אײַן, ~געניט. לר.
--
< ניטן = געוואוינהייט, מאַנעריזם.
אײַנפּראַקטיצירן. אײַנלערנען. מאַכן עס זאָל ווערן
אַ געוואוינהייט. „דער לערער זאָל א,
פֿאַרשטענדעניש פֿאַר שפּראַך־פֿאָרמען„, ימ, נײַע וועגן,
ריגע 1927. „אויבּ אַ מענטש וויל זײַן געזונט
און שטאַרק„... דאַרף ער אַלע טאָג א, זײַנע
מוסקלען“, ט. בּערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו
1927.
מיט ז י ך — א, זיך אויפֿצושטיין מיטן
זונאויפֿגאַנג. א, זיך צו הייבּן שווערע משׂאָות.
„אָנגעוועבּט אַ געוועבּ... אויף דערויף דאַרף
מען זיך דערעיקר א', גייט שוין די אַרבּעט
גיכער„, י. יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו
1925.

איינניטעווען — טרוו ־טעווע אײַן, ~ געני—
טעוועט. 1. צונויפּפּעסטיקן מיט ניטן, שטיפּטן. א אַ ראַם פּאַר אַ בילד. 2. צושמעלצן.
א, צוויי בלעכן.
אייננייגן — טרוו. נייג אײַן, ~גענייגט.
אײַנ .
בייגן. א, דעם קרוג. ,,מײַן קאָפּ צו דער זון נייג איך אײַן מיט פּריידיקער הכנעה“, הל, אַ בלאַט אויף אָן עפּלבויס. מיט ז י ך. ־ונג.

אײַנניערען

איינננייזן— טרוו. נייז אײַן, ~גענייזט.
אַרײַנ־־
קריגן עפּעס אויף אַן אומערלעכן, אומיושרדיקן אופֿן. ,,אַז מע קען ניט קריגן מיט גוטן, דאַרף מען א, פֿון אים וואָס מע קען“.
אײַננייטן — טרוו. נייט אײַן, ~גענייט (~ גענייטן). נייטן עמעצן און פּועלן. (אײַנ צווינגען. אָנווענדן גוואַלדמיטלען. “מע קריגט ניט פֿון גרייטן: אָדער באַצאָלן אָדער א',, פֿוול
,

(אונטערוועלט). ,,אין פֿיר טעג גענומען פֿאַר
זעכציק טויזנט רובל געשעפֿט, וואָס דער
פֿראַנצויזל האָט אים כּמעט איַינגעגנייט", יהל, דער
אַפּיקורס, וואַרשע 1904. "־. — קליידלעך האָסטו
געטראָגן פֿון אים? — ער האָט'ס מיר
איַינגעגנייט,, פֿ. בּימקאָ, גנבֿים ־ונג ־עכ ן.

, . .

איַינגנייען — טרוו. ניי איַין, ,געגנייט. 1.
צונייען. צופֿעסטיקן מיט נאָדל־פֿאָדעם. "א אַ

,

קנעפּל, צוסטריגעוועט אַ בּענדל, אויספּרעסן אַ
קאָלנער, — דאָס קאָן שוין אויך ניט אַ ייִד?,,,
שע, אָרעמע און פֿריילעכע 2 .II. אַריַינגנייען.
א אַ לאַטע אין די קני. א, די אַרבּל. ,,איין אשה

,

דיא דא פֿלעגיט קינדר מפּיל צו זיַין. אַזו נעם
ניַיא וואַקס אונ, מילך פֿון איין פֿערד אונ,
קאָך עס מיט איין נדיר אונ, מאַך איין גאַרטיל
אונ, נע איַין אין לעדער פֿון איין הערשין. אונ,
איר אַן טאָן אום לייַבּ,,, ר, מרדכי גימפּל בּר,
אלעזר, מ מחי ל אַמשט 1718.
3. מאַכן אַ פֿאַלד אין אַ קלייד אע, אַריַינלייגן
עפּעס אין דעם און פֿאַרנייען. ,,ווען איינער

וואוינט אויף אַזאַ אַן אָרט, וואָס זײַן געלט
איז ניט בּאַוואָרנט פֿאַר גניבֿות, און ער האָט
עס אײַנגענייט אין זײַן קלייד — מאָג ער עס
[אום שבּ□] אַרומטראָגן אין זײַן הויז“, לט2,
ס/א□ □גענומען... מרדכיס ווערטל און געוויזן
בּרײַנען: זעסט, כ'האָבּ אים דאָ אײַנגענייט פֿינף
אימפּעריאַלן,,, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. *א,
לאָקשן = א, דאָלאַרן.
4 פֿאַרנייען. א, דעם ריס. גלייבּעניש: מע
.
דאַרף ניט א, (אין) אַ בּגד וואַס עמעצער טראָגט
אויף זיך, ווײַל יענער קען פֿאַרלירן דעם זכּרון.
,,טו אויס די מאַרינאַרקע, וועל איך א, דעם
ריס“. דז א, דעם שׂ כ ל, געוויינלעך שפּאַסיק.
5 פֿאַרבּייגן אַ שטיקל סחורה אין אַ בּגד אע
.
און צונייען, כּדי צו מאַכן קירצער אָדער
שמעלער. ,,ס'איז צו בּרייט אויף איר, אָט ווען מע
זאָל דאָ אַ בּיסעלע א', וואָלט עס געווען
נישקשהדיק“ פֿאָר, 26 X 1964.
,
6. (אײַנבּינדערײַ) צונויפֿנייען בּלעטער פֿון
אַ בּוך. ,,אָדער אַז אַ ייִדענע בּרענגט צו טראָגן
אַ צעקנייטשטע, צעריסענע, אויסגעווייגטע

תּחינה... אײַנצונייען מיט שאַרע פֿעדעם“, ב.
רעסלער, אַמעריקאַנער, 1958 □ l6.

מיט ז י ך — ווערן קירצער אָדער שמעלער
בײַם אײַננייען. ס'קלייד נייט זיך אײַן און מע
קען עס ניט טראָגן. ־אונג. —עכ□ן.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איינניכוועז — אוטוו. ־ווע אײַן, ~געניכוועט.
־

< ניכווע < ליבווע. וורר. אײַנדאַרן פֿון אַ
חולאת, שוואַך ווערן. קללה: א, זאָלסטו.

איינניערען — טרוו. ־רע אײַן, □י,,געניערעט.
□.

אײַנניצן

בעס. רומ. אײַנשמירן, אײַנבּרודיקן. אויך
מיט ז י ך.

אייננִיצן — טרוו. ניץ אײַן, ~געניצט. אַ
□־

בּיסל, צום טייל, צײַטווײַליק ניצן. א, מעבל און
דערנאָך פּרוּוון פֿאַרקוי□ן. מיט ז י ך — אַ
בּיסל קאַליע ווערן פֿון ניצן. ־עכ□ן. ־ער.

איינגישטערן זיך — אוטוו. ־ער זיך איַין,
־

זיך ~געגישטערט. פּפֿ: ״י'ניסטערן זיך.
איַינגאַדיען זיך. איַינוואָרצלען זיך. איַינעסן זיך.
„אין משך פֿון מיַין לעבן... האָט זיך אין מיר
איַינגעניסטערט אַ געפֿיל, ניט פּטור צו ווערן
פֿון אים“, איבז, גוסטאַוו מעירינק, דער גולם,
ווילנע 1925.
איינגמשלען — [... נימשלען] טרוו. נמשל
־

איַין, ~געגמשלט. צופּאַסן אַ נייַעם נמשל צו
אַן אַלטן משל. אַריַינפּאַסן עפּעס נייַס אין אַ
באַקאַנטן משל אָדער מעשׂהלע. א, די מעשׂה מיט
די פֿיש און די נעצן צו הייַנטיקע צייַטן.
איינגעבלען — טרוו ־בל איַין, ״.„געגעבלט.
־־

פּפֿ: ~געפלען פֿאַרוויקלען אין אַ נעבל.

.

פֿאַרציִען מיט אַ נעבל, נעפּל. “רויכער, ליולקע,
נעפֿל איַין אין אַ דינעם נעץ מיַין זיַין“, סעג,
טטרונעס.
איינגעבעכן — טרוו ־עך איַין, ~געגעבעכט.
—
.

מאַכן עמעצן פֿאַר אַ נעבעכל פֿאַר אַן
אומבאַ,
האָלפֿענעם. אַ דערציאונג וואָס נעבעכט איַין די
קינדער. געוויינלעך מיט ז י ך — זיך
צוגעוואוינען צו זיַין אַ נעבעך, זיך צו פֿירן ווי אַ
פֿאַרשטויסענער, אַן אומבאַהאָלפֿענער. זיך א,
און פֿאַרלירן יעדן שטאָלץ. „אין אָרעמאַנסקן
לעבן האָט ער זיך אַזוי איַינגענעבעכט, אַז ער
קען נאָך אַלץ ניט אויסגלײַכן דעם רוקן".
איינגעגלען — טרוו. ־גל איַין, י'גענעגלט.
.
דזוו אײַננאָגלען ←, אָבער בפֿירוש מיט נעגל
(ניט מיט איין נאָגל). אויך מיט ז י ך —
פֿיג. „האָט איר קליין וואַרעם גופֿל זיך
איַינגענעגלט אין... [זיַין] אַטלעטישער ברוסט„,
ר פֿאלאַטניק, פֿאַש, 1951 II 16.
איינגעם — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזול־
טאַט פֿון איַיננעמען. אַ פֿאַמעלעכער א,. א'־
מ ל ח מ ה — "ווען אַלעקסאַנדער מוקדון האָט
אונטערגענומען זיַין א'־מ'", מוו איבז, פֿרויד,
אַרײַנפֿיר אין פסיכאָאַנאַליז. 2 פֿעאיקייט פֿון
.

אַ כּל אַרײַנצונעמען אין זיך אַ באַשטימטן
י
סכום. כּלים מיט גלײַכע א'ען. 3. אײַנצי,
אײַנלויף. פֿאַרענגונג, פֿאַרשמעלערונג. דער א,
פֿונעם שטאַף נאָכן וואַשן אין ניט קיין גרויסער.
אײַננעמען — טרוו נעם אײַן, ~גענומען
-

(אויך: ~גענעמען, פּר, מג). 1. אַרײַננעמען
עמעצן אין אַ גרופּע. א, אין קאָן. א, אין שפּיל
אויך די קלענערע קינדער. אויך: א, אין אַ
חבֿרה. 2. אַרײַננעמען אין אַן אָרט. א, די
ציג אין שטוב אַרײַן. א, אַן אורח אויף
איבערצונעכטיקן. א, אַ נשׂרף. "די מורדים דיא הטן
אַן גישטעלט דעם שטאַט פֿאָלק צו ווערן קיין
יודן אײַן צו נעמן אין אירי גיצעלט", ווינץ.
3. אַרײַננעמען אין אַ כּלי. "דאָס קריגל נעמט
אײַן נאָר פֿיר גלעזער מילך", רייד (צויזמער).

1184

„ווען מען עסט ווייניק, האָט דער מאָגן כּוח
עס אײַנצונעמען, און די נאַטירלעכע היץ קען
עס אײַנקאָכן„, איבז, נועס מוסר, ווילנע 1864.
4. אַרײַננעמען אין זיך. אויפֿעסן אַ סך.

אויסטרינקען אַ סך. ,,דאָס פֿערד האָט
אײַנגענומען אַ האַלבן עמער וואַסער“. ,,זיך געזעצט
זאַלבעפֿערט און אײַנגענומען דאָס געבראָטענע
גענדזל“. ”די זעלביגה [= די פֿרעסערס] זײַן
איין מוק צו גלײַכן, די פֿיל אײַן נעמט און קיין
אושׂ ג[אַ]נג הט“, עיון, טז/ב. □א, דעם ביטערן
טראָפּן = טרינקען (אַ סך) בראַנפֿן (פֿרגל ב8).
”גאַנץ פֿלײַסיק אײַנגענומען דעם ביטערן
טראָפֿן ביז דער קרוג איז אויסגעטריקנט געוואָרן“,
קמ, □)□18, □ □] 31.
5. ספּעצ. אויסטרינקען, אַראָפּשלינגען פֿאַר
א רפֿואה (סגולה). א אַ רפֿואה, די טראָפּנס,

,

-

אַ פֿיל, דעם פֿראָשיק אע, עס זאָל בעסער ווערן.
א, מ ע ל י צ י ן, □טמ (וואַרשע). ”שטונד אויף
ר, ייִסא און, גיט אים □ים של גרוגרות דורך
איין רעריל אין מויל, ער זאָל אײַן נעמין“,
נצ 1, מה/ד. ”עז טאָר וואול איינר אײַן נעמין
לאַקריץ זאַפֿט אודר זונשׂט זיס גיצײַג, דז ער
זאָל איין גוט קול האבין,,, לט1, עט/א. ”ווען

מען די לעבֿער פֿון קוקוק טוט נעמען און טוט זי דערן, און אין רעגנוואַסער א, — זוי העלפֿט עס אַלע צײַט פֿאַר די בייזע קראַנקייט“, משל הקדמוני, אוסטרהא 1808. „אַזוי ווי איינער נעמט אײַן רפֿואות, ביטערע מעדעצין, אַזוי זאָל בײַ דיר זײַן די גאַנצע וועלט“, קיצור חובֿות הלבֿבֿות מיט עבֿרי ט□.טש□ יוזעפֿאָוו 1844. „ יעטוועדער קעסטעלע האָט דער רבי צוגעטראָגן צום האָריקן אויער מיט אַ מינע פֿון א, ריצנאייל“, זש, שקלאָווער קינדער. „איך פֿלעג דאַרפֿן א, [די קרײַטעכער] אַלע פֿאַרן עסן“, שע, 'בײַם דאָקטאָר'. „מיר דאַרפֿן שוין הײַנט אין אונדזערע זשאַרגאָנישע ביכער ניט אַרײַנטאָן קיין צוקער בכדי די לעזער זאָלן דעם ' ווערעמקרויט, וועלן א'“, גבֿריאל רויטבאַרד, זבֿ, דער בוקעט בלומען, קעשענעוו 1897.

*א, ריצנאייל און זיך ניט פֿאַרקרימען = אויך: זײַן געצוואונגען צו טאָן עפּעס וואָס עס איז דערווידער און ניט אַרויסווײַזן קיין ווידערגעפֿיל. *א, אַ ביטערע פּיל = א) זײַן געצוואונגען ניט צו רעאַגירן אויף אַן עוולה, אויף זידלערײַען אע; ב) זײַן אָן מיטלען זיך צו פֿאַרהיטן בײַ אַן אָנשיקעניש. □א, (אַ לעפֿעלע) פּלוידער־וואַסער = האַלטן אין איין פּלאַפּלען.

א אַ שוויַג־וועסערל — פֿאַרשוויַגן, ניט
אָפּ, —
ענטפֿערן. א אַ ש ו ו יַ ג ע נ י ש. א, ש ט
ו,
מ ע נ י ש — א) מיט באַפֿעל, מיט רוגזא, מע
זאָל שוויַגן. "שלימזל, טאָמער וואָלסטו
איַינגענומען אַ ביסל ש'?", שע, אין שטורס;
ב) מיט אומצופֿרידנקייט פֿאַרדראָס למאַי מע
,
קען קיין וואָרט ניט אַרויסקריגן. „נו, וואָס
שוויַגט איר, ווי איר וואָלט צו לעפֿעלעך
שטומעניש איַינגענומען?", ש. גאָדינער, דער מענטש
מיט דער ביקס, מאָסקווע 1933; ג) אויפֿהערן
רעדן (באַזינגען, באַשריַיבן). „נאָכדעם ווי
[שלמה המלך] האָט אָנגעשריבן 'שיר־השירים„
מוזן אַלע חבֿרים א, אַ שטומעניש... [וועגן]

איַיננעמען

צוויי פֿאַרליבטע הערצער„, ייִט, טאָג, 1958
14 I. אויך: א, פֿאַרשטומעניש פֿיג. א אַ
, .
פֿאָרציע מוסר.

6. אײַנרואיקן, אײַנשטילן. א, אַ קינד װאָס װײנט. זיך אַזוי צעװײנען, מע זאָל עס ניט קענען א'. א, עמעצן װי אַ פּיצל קינד, װי דאָס ליבסטע קינד. א, מיט גוטן. א, מיט גוטע רייד(עלעך). א, מיט װײכע רייד. א, מיט טרייסטװערטער. „אַפּילו מיט די קרעפּלעך נעמט מען אים נישט אײַן, ער װיל מיטן גרעגער אין שול אַרײַן גיין" פּל. "איך פּאַרגיי זיך אין אַ גע־

,

װײן. דער טאַטע... נעמט מיך אײַן מיט װאָס ער קאָן", שע, ייִדישע קינדער. „אַ מאַמעס האַרץ אַז עס װײנט, קען מען אַזוי גרינג נישט א, װי אַ קינד„, ממוט, קליאַטשע. אויך א אַ

,

צװייטנס כּ ע ס, רוגזא. א, מיט עטלעכע קערבלעך דעם ספּראַװוניקס רציחה. „כּעס פֿון אַ מלך איז גאָר אַ מלאך־המות. אַ קלוגער מענטש קאָן אים פֿאָרט א'", מס, משלי תּקע„ד, טז, 14. „... האָבן אים אײַנגענעמען, האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק מרגז זײַן", יפּ. אויך פּיג. "מיט פֿאָרכט האָסטו דײַן לײַב צו האַרבסט געבויגן און בענקשאַפֿט מיט יעסןלידער אײַנגענומען", א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַ ט.

7. אויסגלעטן, אײַנגלעטן. אײַנלאַדיען. מאַכן שלום. א, דעם סכסוך, די אַלטע מחלוקה. א, אַ קריגערײַ. „ער איז אַליין אַ ▯געגטער און זײַן פּרנסה איז א, רײַסערײַען צווישן יונגע פֿאָרלעך“, רייד (נ„י).

8. קאָנטראָלירן. דיסציפּלינירן. א, די קינדער אין קלאַס. א, צעבֿונטעוועטע זעלנערס. „די קינדער שיסן אויס אַ געלעכטער, וואָס זשאָרזשיקן איז ניט בֿאַקוועם זיך אַליין א, אין די הענט“, אי. קיפּניס פּרייד.

9. לייזן. פֿאַרדינען. אַרײַנקריגן רווח. א, אין קאַסע טויזנט זלאָטעס פֿאַר בילעטן. א, אין איין טאָג מער ווי געוויינלעך אַ גאַנצע וואָך. „איך וויל אויף דער הוכצײַט זײַן, אובֿ איך איין פּפֿעניג קונט אײַן נעמן מיט מײַנר לייער וויל איך דא אום ווינדן“, בבֿא־בוך, 617. “דאשׂ אַנדרי געלט איז דשׂ דר דרשן אײַן נעמט פֿון דר דרשה“, לט1, קט/א. „גוועלבֿר גיבֿויאט, מסים און צינזר... אײַן צו נעמן„, משה אײַזענשטאט איבֿז, דרך הישר לא▯ן בוחן, 1746. „האָט ער אײַנגענומען פֿאַר דעם שטיק טרייפֿע פֿלייש זעקס אָדער אַכט גילדן“, י. מאָרגענשטערן, מעע)ה משני קצ▯יס, ווילנע תּרנ„ח.

1O. אויפֿמאָנען. גוֹבֿה זײַן. אײַנמאָנען. א, דעם צוזאָג. א, דעם לוין. א, שׂכירות. שווער אײַנצונעמען אַן אַלטן חובֿ. "דו מיר העשׂט גישיקט עפּשׂ בֿון דען געלט דשׂ דײַן מן האָט אײַן גינומן בֿון מײַן חובֿ", פּבֿ 1533 [ייִבֿל XIII]. "איר זולכשׂ געלט האָט שון לר, זלמן שי, געבֿין, אונ, איך זאָלשׂ היא אײַן נעמין. זא איז עז גישעהן", פּראָגבֿ, 30. "וועלכיר דער דאשׂ קנס אײַן נעמט דער זאָל עשׂ בּרענגין לגבּאי צדקה,,, 'תּקנות חכמי ומנהיגי ק"ק פּראַג, שע"ב [רשומות, תּ"א תּרפּ"ו]. ,,איך וועדר דען גאַנצן חדש געלט אײַן נעמן", בּראַנט,

אײַננעמען

פּרק סח. ,,יעקבֿ זול... יאָגן פֿון עשׂו אײַן ...

צו נעמן זײַן חובֿ,,, סהמ, תּהלים, קט, 11.

11. צונויפֿנעמען, צונויפֿקלײַבֿן. גיין א, יאַגעדעס אין וואַלד. א, די גראָשנס בײַ די היגע בעלי־בּתּים. א, די צעוואָרפֿענע מטבעית. ,,קיין מנוי דער דא מעות אײַן נעמט אודר אויז גיבּט לא יהיו פּחות משנים,,, תּקק. ,,... פֿיר יאַר דר נאָך קאַם ווידר איין (משולח) אום (צדקה) אײַן

צו נעמן פֿר די ארמי פֿון ירושלים,,, שאַר, פֿיורדא תּקכ״ז.

12. באַקומען. (איַין)קריגן. מקבל זיַין. געווינען. א, ביַי אַ שפּיל דעם גאַנצן קאָן. ,,דען הש״י ביצאלט דען רשעים אירן לון אויף דיזר וועלט אונ, דיא צדיקים נעמן איר לון איַין לעולם הבּא״, מ. שערטיל t, יב, 5. ״ער זאָגט 'ואשר לא צדה, [שמות, כא, 13]... ער האָט זיך ניט מכוון גיוועזין אונ, גאָט האָט אים צו גישיקט ער זאָל אים אום ברענגין כדי דז אַלי ביידה זאָלין זייער עונש איַין נעמין״, נצ1, ויקרא, ג/ד. ,,דרום גיהערט דער מענש ניט ברוגז זיַין וועג ער איין שאדין איַין נעמט אונ, הט היזוק אַן זיַין געלט,,, קה, פֿיורדא 1743, לח, 1. ״לקצר מה לי להאריך, האבּ מער כּבוֹד איַין גינומין אַלישׂ איך בּין ווערדיג אונ, ווערט גיוועזין״, גה, 212. ״די מצות עסין דיא כשר זיַין, דאשׂ זיא איין גוטן שׂכר ווערן איַין נעמן פֿון הש״י״, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא פֿפֿדמ תמ,,ה? ״דאָ האָט אליעזר אויך

,

כּבוֹד איַינגענומען פֿון וועגן דעם מלאך,,, צור, חיי שׂרה. ,,דאָס וועלן אונדזערע קנעכט דערציילן, וועלן מיר אַ גרויסן שם א',,, טויזענד

אונד איין טאָג, וואַרשע 1839.

13. אַקוזוו. אײַנקריגן אַן איבערלעבונג. דורכלעבן אַ געפֿיל וואָס נעמט דורך. א, נ ח ת פֿון אייניקלעך. ,,קערן זיך אויס מיט דעם פּנים צום גאָרטן, אײַננעמענדיק גרויס פֿאַרגעניגן פֿונעם ערשטן סימן לעבן, וואָס די וועלט ווײַזט אַרויס", ממוס, 'אַ גרויע האָר'. א, צ ע ר , עגמת־נפֿש, האַרצווייטיק אע. ,,אויף דען צער וואש ער פֿון זײַני חבֿרים אײַן נעמט,,, סהמ, איובֿ, יד, 4. ,,דײַן נפֿש וועט אויף דיר קלאָגן און פֿיל צער א',,, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא 1819. ,,דאָס עגמת־נפֿש וואָס איך האָב אײַנגענומען אין דער קורצער צײַט,,, ממוס, 'שם און יפֿת'. ,,דיא פֿעלד מויז ... קונט ניט גאַר וואַל דען וועג אונ, דרום מושׂט זיא אײַן נעמן פֿיל ביזר שלעג,,, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. א, ש אַ נ ד. א, אַ בושה. א אַ חרפּה און אַ בושה. א, חרפּות און ,

בושות. א, בזיונות. ,,מיר קומן ניט גערן אין אַשכּנז צו אײַן נעמן שאַנד,,, אַשכּנז. ,,דער בחור האָט מורה[!] פֿר זײַן שבתות/, ער מוז אײַן נעמן חרפּות ובשות,,, ,בחורים־ליד,, פֿפֿדמ

1750 [ייִבל XIII]. ,,איר ווערט ניט מין [= מיין, מער] חרפת אײַן נעמן פֿון די נכריים,,, צאינה, וילך, הפֿטרה. ,,זײַן משפחה האָט מיט [= פֿון] אים אײַנגענומען גענוג בושות,,, י. מעצקער, פֿאָר, 1 1967 I. א, ש ר ע ק — אַרכ. ,,דא נאַם זי איין גרושׂן שרעקן אײַן,,, בּ□א־בּוך, 61. ,,מיר נעמן אַלי יום בּהלות אײַן,,, פּראָגבּ, 14.

118□

,,וואַר איין ערלתּה אַנידר גפֿאַלן אונ איז תּכף טוט געבּליבּן... זא האבּ איך ווידר איין גרושׂן שרעקן אײַן גנומן,,, ,פּראָגער פֿאַמיליעמגילה', 1732 [ייִבל XIII].

14. אין אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, קללות, שבֿועות, מיט אויסגעבּרייטערטע בּבּ 12־13.

*א, דעם ט ו י ט — שטאַרבּן, אַרכ, ניט פּעיאָ: ״קורץ צו פֿארין איזט ר אַנשיל בּ,,מ איין

,

האַשׂטיגין טוט אײַן גינומין... יצא נשמתו הטהורה,,, גה, 262. ,,לאָז מיך איין גרינגי (מיתה) אײַן נעמען, גלײַך אַז מן ציהט איין האָר אויז דער מיליך,,, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק״ח. ,,זאָלסט זיבּן יאָר זיך מאַטערן

און דערנאָך א, אַ גרינגן טויט,,; ,,מײַנטוועגן מעגסט א אַ שיינעם טויט, אַכי פּטור ווערן פֿון

דיר,,; ,,מעגסט א, אַ מיתה דאָ גלײַך אויפֿן אָרט,,. "אַז דאָס שיינע 'לאָנדאָן, האָט שוין יאָ אײַנגענומען אַ מיתה, וועל איך אויך אויפֿגערעכט ווערן", שע, מנחם־מענדל. א, אַ (די) פּ ג י ר ה. ,,הערסט? מעגסט א, אַ פּגירה".
א אַ מ י ת ה ־ מ ש ו נ ה — שטאַרבן מיט

אַן אומגעוויינטלעך ביטערן טויט. ,,אַ הונט זאָל אַ לעק טאָן מײַן האַרץ, וואָלט ער א אַ מ'־מ'",

פֿוול. ,,ווען ער נעמט אײַן אַ מ'־מ', וואָלט געווען אַ באַרג (בערגל) אויף דער ערד, אָבער ניט קיין לאָך אין הימל", פֿוול. ,,איידער לעבן אין צרות איז גלײַכער באַלד א, אַ מ,־מ',,, שוו. "אַ מ'־מ, זאָלן זיי אַלע א, נאָך הײַנטיקן טאָג". ,,זה הפֿערדל, אָט דאָס פֿערדל, הלך למיתה — האָט אַ מ'־מ, אײַנגענומען", ממוס, קליאַטשע. ,,דו וועסט מיר אַ ממזר אַרײַנברענגען אין שטוב אַרײַן? זאָלסט פֿריִער אָ מ'־מ, א',,, א. נוסבאַום, פּעסלע די גאַבעטע, וואַרשע 1885.
[נאָך דער מלחמה פֿון 1870, ווען די פּרײַסן

האָבן זיך באַרימט מיטן א אַ סך שטעט פֿרעגט

, ,

אַ ייִד דעם פּרײַס דעם באַרימער: „נו, און אַ מיתה־משונה האָט איר שוין אײַנגענומען?„ — ענטפֿערט יענער: „דאָס נאָך ניט, אָבער מיר וועלן עס זיכער א'!„, פֿוול ← בּ5 1].

אין קללות: א, די מיאוסע קרענק, א, די פֿאַליקע, א אַ (די) נכפֿה, א, ס'קדחת, א אַ

, ,

-

שלאַק, אַ פּאַפּלעקציע אע.

א, א (שוואַרצע פֿינצטערע) מ פּ ל ה. „מע

-

— ,

האָט בּרוך־השם געזען... וואָס פֿאַר אַ שוואַרצע מפּלה אַלע אונדזערע שׂונאים האָבן אײַנגענומען“, יפּ. „דרום האָט אויך המן הרשע... אַ חשיבֿות באַקומען, דערמיט דאָס ער זאָל אַ מפּלה א'„ ר, אַהרן מטרי□ש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר„ג.

א, די כ פּ ר ה = ווערן אַ כּפּרה אַנשטאָט עמעצן. „מעגסט א, די כ, שוין, די מינוט!„;
„גרייט א, די כּפּרה פֿאַר זײַן מינדסטן נאָגל„.
„אַ כ, זאָל א, די גאַנצע כאַל אַסטרע
בלוטזויי

גערס„, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931.
*א אַ (די) כּפּרה (די נכפּה, די פּגירה) נ אָ ך
,
(פֿ אַ ר) עמעצן = אומאיידל. זייער שטאַרק באַגערן (וועגן מאַן און פֿרוי). „אַז אַ פֿרוי האָט געהאַט שיינע 'מאָטרעס, (אויגן), פֿאַר אַזאַ אשה פֿלעגט ער פּשוט א, די נכפּה„, ש. י.

איינעמען

האַרענדאָרף, טעאַטער־קאַראַוואַנען, לאָנדאָן 1955. „אַ מאַנצביל האָט אײַנגענומען די פּגירה ווען ער האָט זי אָנגעקוקט„, טמז, 1968 II 19. 15. באַזיגן אין אַ מלחמה. אָקופּירן.

מאַרנעמען אַ שטיק לאַנד וואָס געהערט צו אַן אַנדער מאַכט. א אַ סך לענדער פֿעלקער. א,

,   ,
א גאַנצע מדינה. א אַ פֿעסטונג, אַ קרעפּאָסט.
,

-

,,זול ער הער קומן... אונ, איַין נעמן די
שטט,,, בבֿא־בוך, 18. ,,איצונדר קומט דאשׂ
שווערט אונ, נימט אין אירי לייַבר,,, שעריר,
ד, 10. ,,מן זאָגט מיר וויא דער דוקשׂ [= דוכּס]
אויז פֿיַארן האבּ נוירלינגן איַין גינומן,,,
פּראָגב, 11. ,,זענין צרפֿתּים פֿיר בון גיקומין
אונ, בון אין גינומין", גה, 171. ,,די פֿעשׂטן
זיא נאַמן זיא איַין מיט גרושׂר שטערק,,, ווינץ.
,,עז איז בעשׂר דער זיך זיַין רוגז קן צווינגן
ווערדר איין גבור אודר איין שטאַט איַין צו
נעמן", לט1, קנה/ב. ,,איין שׂונא קומט פֿר
איין מקום חוזק אין צו נעמן", ר, ש מה זלמן
לונדן, קהלת שלמה, אַמשט 1744. ,,איז ער
געקומען צו אַ חזקה [= פֿעסטונג]... מאָרגן
וועלן מיר דאָס גרינג א',,, שבֿחי בעשט. *א, אַ
מלחמה = זיגן אין אַ מלחמה. ,,און ניט צו
די גבורים, כלומר ווײַל זיי זענען שטאַרק זאָלן
זיי א, די מלחמה,,, חה, רצג.

*א אַ (די, גאַנצע) ו ו ע ל ט = אויך: ווערן
,
זייער בּאַרימט. איר, כּלומרשט אויפֿטאָן זייער
אַ סך. ער נעמט מיט אים אײַן בּילגאָראָד [אַ
קליין שטעטעלע אין פּוילן] = איר. שטאָלצירט,
ייִחוסט זיך מיט אים. *א, טשאַקעוו =
אָטשאַקאָוו, . 869. *ער מיינט אַז ער האָט
אײַנגענומען פּלעוונע = ער איז אַ ליגנערישער
בּעלגאווה. *א, אַ (די) שטאָט = (אַקטיאָריש) שטאַרק
געפֿעלן ווערן אין אַ בּאַשטימטן פּונקט.

16. בּאַהערשן. בּאַצווינגען. גובֿר זײַן. א,
דעם יצר־הרע און ווערן אַ בּעל־תּשובֿה. א, אַן
אײַנגעגעסענע תּאווה. א, די שוואַכקייט צו....
א, עמעצן מיטן ערשטן בּליק (קוק). „דער
בּינוני איז דער וואָס איז קיינמאָל ניט גובֿר
דאָס שלעכטס אויף אַזוי פֿיל אַז ער זאָל א, די
'קליינע שטאָט',„ תּניא, לבֿ. “האָט זי אים
אײַנגענומען מיט אירע גרויסע שמייכלדיקייט,
האָט אים געוואונען מיט אירע בּאַצוקערטע
ליפּן,„ מס, משלי תּקע“ד, ז, 21. “נישט די
קהילות דאַרף מען א, — מ'דאַרף א, די
הערצער, מאַכן זיי גאולה־דאָרשטיק,„ צײַט, טמז,
13 III 1957.

17. אַרומבּינדן. צונויפֿבּינדן. אײַנבּינדן. א,

אַ קאָרבּ מיט שטריק. א, דעם בּוקעט בּלומען
מיט אַ בּענדל. א, די ציגאַרן מיט אַ
בּאַנדעראָל. א, פֿון אונטן די פֿירהענגלעך מיט אַ
קאָלירטער סטענגע.

18. אײַנזאַפּן. אַבּסאָרבּירן. א, אין זיך
וואַרעמקייט. אַ סחורה וואָס נעמט אײַן דעם
שווייס פֿון קערפּער. „זי מעג אַרומגיין מיט
די וואָל וואָס זי לייגט אין אויער, עס זאָל
א, דאָס פֿײַכטקייט„, תּקוני שבּת, אוסטרהא
1818. „אַזוי ווי אַ שוואָם נעמט אײַן אין זיך,
און אַז מע וויל פֿון איר אויסציִען, מוז מען
מיט דער האַנט קוועטשן„, הרבֿ י. געלבּאַרט,

אײַננעמעניש

ספֿר מעסtoה אָ□ות, ווילנע 1880. „וואַסער [בּײַם
לעשן קאַלך] דאַרף מען גיסן בּיסלעכווײַז, דער
קאַלך זאָל אינגאַנצן זי אײַננעמען„, יאַכ II.

19. (שנײַדערײַ) אײַנקירצן. אײַנשמעלן. א,
□אַלדן. א, די טאַליע. א, אין דער טאַליע. א,
איין פּלייצע. א, (אין) די בּאָקעס. א, אין נאָט.
אַזוי אויך: א, די בּ ר ו ס ט, א, דעם בּ ו י ך
— אײַנציִען. "ווי האַלט איר דעם קאָפּ? =
האָט ער געטענהט צו דעם קליִענט — דעם בּויך,

דעם בויך נעמט אַ ביסל אײַן,,, ח. מעלאַמוד, סאָוו, היימלאַנד, 5 1963, No. מיט ז י ך — א, זיך אין קאָפּ אַ געדאַנק (מאַנקאָליע, משוגעת אע). ״נעם דיר ניט אין דײַן זין אײַן הער צ

קומן״, פּראָגבּ, 2. —ונג. ־עכ ן.

איינעמעניש — דאָס (די), ־ן. 1. פּראָצעס --

אָדער רעזולטאַט פֿון אײַננעמען. אַן א, אָן שום גבֿורה. 2. ספּעצ. רפֿואה, מעדיצין. רעצעפּט. ״די רופֿאים וואָס זאָלן אײַך פֿיקן און בלוט לאָזן און באַנקעס שטעלן און א, טרונקען״, ר קה בת ר, יוסף איבּז, אגרת בעלי־חיים. ״איטלעכער שכן האָט געגעבן אַן עצה, אַן א', אַ שמירעכץ... און דער הונט האָט גיך און באַלד געמוזט אַלץ אײַננעמען מיט גוואַלד״, עט, משלים.

איינעמענס — דאָס, ־ן פֿרגל אויסנעמענס, —

. ←293. דאָס אַרײַנשטעלן די ספֿר־תּורה צוריק אין אָרון־קודש אַרײַן. קומען אין שול נאָך א'.

איינעמער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

-

ווער עס נעמט אײַן. אַ שטײַער־א'. „עשׂ גיבּט קיין מכס אײַן נעמר, ווען ניט זײַן גנצה משפּחה...„, עיון, יג/א. ״דער דאָזיקער א, פּלעגט מיר אויסלײַען 1500 רײַכסטאָ...
לער און מער אויך„, נש איבּז, אַהרון איזאקס אַווטאָבּיִאָגראַפּיע, בּערלין 1922. „... האָבּן די אַלט־געזעסענע איבּערגענומען די רוימישע שפּראַך פּון די א'ס״, מוו, די שוואַרצע פּינטעלעך. ־ערײַ.
אײַננעמעריש — אַדי. וואָס איז פּון אָדער איז ווי בּײַ אַן אײַננעמער. מיט א'ן אימפּעט. ־קייט.
איינגעסטיק — אַדי. וואָס איז אין איין נעסט. וואָס האָט איין נעסט. אַן א, פּרוכטקניפּל. א'ע פּייגעלעך.
איינגעסט(יק)ן — ט□וו. נעסט(יק) אײַן,
-
~געגעסט(יקט). 1. מאַכן אַ נעסט און בּאַזעצן דאָרטן אַ פּויגל. א, די בּוטשאַנעס אויפן הויכן בּוים. 2. אײַנפּונדעווען. מאַכן עס זאָל זײַן זיכער, בּאַקוועם. א, די חתונה־געהאַטע קינדער אין □אָרשטעטל.
-

געווי‍נלעך מיט ז י ך — זיך באַזעצן (ווי)
אין אַ נעסט. זיך א, ווי ביַים טאַטן אין
וויַנגאָרטן. זיך גיַסטיק א'. „אַ משונהדיקער
געדאַנק האָט זיך מיר איַנגענעסט אין קאַפּ“. „עס
איז ניטאָ אַ קליין שטעטל... וואָס זאָלן זיך
ניט פֿון איר איַננעסטן דאָ צו צוויי, צו דריַ
שלעפּאַרעס“, אמד, שעפּקע דער יאנציצער
אָרעם בחור, ווילנע 1872. „באַקטעריען וואו
זיי באַגעגענען אַן אייוויַס־האַלטיקן קערפּער...

1186

נעסטן זיי זיך איַן און מערן זיך שרעקלעך
געשווינד“, דר, יע)ראָל צינבערג, וואָט טוט זיך
אויף דער וועלט, קראָקע תר„ס. “אָנשטעקנדיקע
קראַנקייטן האָבן זיך שטאַרק איַנגענעסט אין
ב אַליסטאָק“ געז, ווילנע 2 1923' No־3. “עס
האָט זיך אין איר איַנגענעסטיקט דער
שטעכיקער געפֿיל„, מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט. —(יק)ונג.
איינגעסטלען — דזוו איַננעסטן. אויך מיט

- ▯

זיך. „הינטערן טײַכל... האָט זיך אײַנגעגעסטלט דער אַרטעל“, איבּז וו. סטאַוווסקי, די סטאַניצע, מינסק 1931.

איינגעסלען — דזוו אײַנגעבלען [פֿאָרעם מיט

-.

פּ איז גלײַכער].

אײַננעצן— טרוו. נעץ אײַן, ~גענעצט. 1. מאַכן (אַ בּיסל) נאַס. א, וואַטע און אַרומווישן די וואונד. אָנטאָן קאַלאָשן ניט אײַנצונעצן די פֿיס. „די קאַץ האָט ליבּ פֿיש, נאָר זי וויל זיך די פֿיס ניט א'“, שוו [וויל האָבּן אַ גוט לעבּן, אָבּער ניט האָרעווען אויף דעם]. „אַ רעגן גייט. כ'וועל א, מײַן זײַדן קלייד“, פֿל. *ניט א, (זיך) אַ פֿינגער = ניט בּאַמיִען זיך עפּעס צו טאָן.

*ניט א אַ האַנט אין קאַלט(ע) וואַסער=דז. ▯ ניט

,

וועלן א, (זיך) די הענט=ניט וועלן צעממיתן. *ניט א, (זיך) די ליפּן = ניט טועם זײַן עפּעס; ניט פֿאַרזוכן קיין בּיסל משקה. “חלילה, ער טרינקט ניט, ער נעצט נאָר אײַן די ליפּן“, פּוול. „אַ בּאַקאויוון וואָס מע דאַרף אים אַ בּיסל צוצולעשן מעג מען וואויל א, אַ בּעזעם און אים צולעשן“, לט2, עד/א. *א, דעם לײַלעך =

איידעלער, אַנשטאָט באַפֿישן. א, עמעצן =
וואוילי‏ונגעריש. שטעכן, צעבּלוטיקן. 2. אײַנווייקן.
א, גרעט אין באַלייע. מיט ז י ך — אויך
שפּאסיק: זיך באָדן בײַם סאַמע בּרעג פֿון אַ ים
אָדער טײַך. ־עניש.
איינס — 1. צוו ← איין, 1088. געניצט בײַם
ציילן אַנשטאָט א י ן: א', צוויי, דרײַ....
פֿטמ בײַם ציילן מענטשן — נ י ט־א, אאַזוו
[קעגן אַן עין־הרע]; (מיט איר בײַטעם) אויך
בײַם ציילן געלט, זאַכן וואָס מע האַלט טײַער.
בײַס אָפּהיטן דעם ריטעם, דעם טאַקט אאַ.
געניצט אָן דעם וואָרט מאָל, אָן דעם נאָמען פֿון
דער זאַך. הונדערט (טויזנט) און א'. „הונדערט
און הונדערט און איינס איז אַלצאיינס“, שוו.
א אַ ז י י ג ע ר —אַ שעה נאָך צוועלף. אַ
,
פֿערטל אויף א'. ס'איז צען צו א, אאַזוו. ←
איינסע. “שלאָגט דאָס זייגערל א', דאָס יתומל
איז געבּליבּן אַ קליינס“, פֿל. געניצט אַנשטאָט
א י ן , ווען מע לאָזט דורך דעם נאַמען פֿון
דער מאָס. עס וועגט א, דרײַסיק = איין
קילאָגראַם און דרײַסיק צענטיגראַם; האַלט א,
דרײַסיק = איין מעטער און דרײַסיק צ אאַזוו.
*א אַכציק = אַ ליטווישער פּאָליץ אַנט אין

נאַ   י

צישע געטאָס [לויטן רעגולאַמין, האָט ער געדאַרפֿט זײַן די הייך מינימום איין מעטער און אַכציק צמ]   נ ו מ ע ר א, = פֿון בעסטן מין, סאָרט, קוואַליטעט. אַ חתן נ, א'. סחורה נ, א'. א, פּ ר אָ צ ע נ ט — א) איין פּ,; בֿ) אייפֿעמיזם פֿאַר צען פּ'.

איינם

2. אַדוו אָדער זוו. דזוו ערשטנס. ,,א, וויל איך עס ניט, צ וויי קען איך עס ניט‘‘. ,,איינשׂ, מן לאָזט נימנט אײַן...‘‘, פּראָגבֿ, 1. ,,א, — ער גיט ניט קיין תקיעת־כּף‘‘, שע, 'דער אַפֿיקומן'. נומער א, = אויך: ערשטנס. ,,דאָס איז נ, א, — והשנית...‘‘, שע.

3. סובֿ, אָן אַן אַרטיקל. דזוו איין זאַך, איין עלעמענט, טייל אע; איין יסוד, פּרינציפּ אע. איך ווייס א,. א, איז קלאָר (זיכער, באַשטימט אע). פֿאַרגעסן (ניט נעמען אין באַטראַכט, זיך ניט רעכענען מיט) א'. ,,א, איז קיינס‘‘; ,,א, מיטן דריטן איז (ניט) קיין מחותּן,,; ,,עס קען ניט ווערן צען ווען א, איז ניטאָ,,, שוו. א, און אַ

רעכטס. „דו ווייסט א', איך אָבער ווייס צוויי„.
זאָגן א, און טאָן אַן אַנדער זאַך. וויבאַלד עס
פֿעלט א', טויג עס ניט. ווינטשן א, דאָס אַנדערע
כּל־טובֿ. „איינשׂ דאשׂ ווייס איך, איינִיג איז
אונזר גאָט דער דא לעבּט אונ, דער דא שוועבּט
אין דעם הימל אונ אויף דער ערד“, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט תּק“ח. „אחד מי יודע? אחד
אַני יודע: א□ איז אַ ייִדענע, ניט זי לעבּט און
ניט זי שוועבּט, ניט אויפֿן הימל און ניט אויף
דער ערד“ פֿל.

פֿראַזעם מיט א': א אַ ו ו ע ק — אָפּגעטאָן,

געענדיקט. “אַ לחיים געמאַכט — א, אַ'. נעמט
זיך איצט צו די לעבערלעך“. א, אָ ד ע ר
צ ו ו י י , א, אָדער ד אָ ס אַ נ ד ע ר ע —
בּײַם שטעלן פֿאַר אַ בּרירה, בּײַם מונטערן מע
זאָל גלײַך אָננעמען אַ בּאַשלוס. א, פֿ ו ן ד י
צ ו ו י י — „א, פֿ, די צ, — שמעקט ער? האַלט
אים אין שטובּ. שטינקט ער? וואַרף אים
אַרויס“ [= איז ער אַ לײַט — האַלט אים, ניט —
לאָז אים אָפּ]. א, (א ו ן) צוויי — גיך,
אָן שהיות. אויך: א, (און) צוויי (און) דרײַ.
*א, א ו י ף א, = א) אונטער פֿיר אויגן. אַ

שמועס טאָן א, א, א'; בֿ) (בײַ אַ געשלעג)
בלויז איינער קעגן אַ צווייטן, אָן אַרײַנמישן
זיך פֿון אַנדערע. *א, אויף דאָס אַנדערע =
אויך: דאָס איינע גלײַך נאָך דעם צווייטן,
כּסדר. „זאָרגין... קומט אימר איינז אדיף דז
אַנדר“, פּראָגבֿ, 11. *א, א ו ן א, — כּסדר,
נאָך דער ריי; אַלע (מענטשן, זאַכן). א, און
דאָס זעלבֿ(יק)ע. *א, א י ן א, = אַלע גלײַך
גוט (שיין, קלוג אע). קינדער געראָטענע, א, אין
א'. “דאָס זענען געווען א, אין א', די שענסטע,
די חשובֿסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט“, שע,
אַלט־נײַ־כּתרילעווקע. דז — *א, בּ ײַ א'. „די
ביימער א, בײַ א, געקליבענע, ווי די ריזן“,
אָפּא, אַליין. אויך: *א, בֿ א י י נ ס. א, פֿאַר
א, פֿאַר יעדער זאַך באַזונדער. קריגן
באַ= ־
צאָלט... *א אַ ל י י ן — א) איינער אַליין;
,

בֿ) נאָר אויף איין אַמט. „מן נעמט אין [= אים]
אויף לאב“ד וראש ישיבֿה אַדר צו איינשׂ
אַלינע“, 'בּרוז יערסלף', 1640 [יע)ראָל הייל‌פּרין,
ועד אַרבע אַרצות, 64]. א, ל ע בּ ן (מ י ט,
נ אַ ך, צ ו, ק ע ג ן אאַ) דאָס אַנדערע [אין די

אַלע פֿאַלן אויך: א, צ ו ם אַנדערן. א'... דעם
אַנדערן; אַזוי אויך ווײַטער], א, מיט דאָס
אַנדערע האָט ניט קיין שײַכות; א, מיט דאָס
אַנדערע האָט ניט וואָס צו טאָן.

אײַנסאַזשען

מיט ווערבן: *ג ייִ ן א ו י ף א, — אויך:
שטעלן אַלץ אין קאָן אָדער געווינען, דורכפֿירן,
דערגרייכן — אָדער פֿאַרשפּילן, דורכפֿאַלן.
ה אַ ל ט ן ז י ך א, — א) זײַן, בלײַבן חבֿר,
פֿרײַנד; בֿ) בלײַבן בײַ דער זעלביקער מיינונג.
*ז ײַ ן, וו ע ר ן מיט עמעצן א, — שליסן אַ
בונד פֿרײַנדשאַפֿט אע. „זײַן א, מיט אונדזערע
ברידער, מיטן גאַנצן הויז פֿון ישׂראל“. אויך:
מ אַ כ ן א'. עס ק ו מ ט ניט א, צום צענטן;
זיך דערקענען א, דאָס אַנדערע. פֿאַרשטיין א,
דאָס אַנדערע; א, צו דאָס אַנדערע געהער זיך
ניט אָן.
4. סובֿ. דער & די, ־ן. אויך מיט אַן
אַטריבוט צום וואָרט א, — אָפּגעשלאָסענע
גרופּע; גאַנצקייט פֿולקייט; איינהייט,

איינס

,

קייט. אַן א, אין אַ פֿאַבריק (אויפֿן פֿראָנט).
אַן א, אין דעם קורס לימודים. „ניט אַלע א'ן
זײַנען אַלצאיינס“, שוו. “אַז מע זאָגט אויף אַן
אַנדער זאַך דאָס איז א, איז דאָס ניט אמת.
נאָר גאָט בּ״ה איז בּאמת נאָר איינער“, חה,
א, 1. „איז בּײַ ייִדן שטאַרק חשובֿ די א, און
בּמילא אַלע אומען, להיפּך פֿילן ייִדן אַ
ווידערווילן צו דער צוויי וואָס איז מרמז אויף שתּי
רשויות“, אַ רהם רעכטמאַן, ייִבֿל II)(. „אַן א,
צו ווערן דאַרף אַפֿילו אַ נול, און אויבֿ ער וויל
עס ווערן — ווערט ער„, הל, לידער פֿון גן־עדן
5. אַזוי ווי בּ4. אײַנגעשטעלטע מאָס. אַן
א, פֿון ענערגיע פֿון מאַסע אאַזוו.

,

6. פּראָ, פֿאַרבײַט סובֿ פֿון נייטראַלן מין,
אויך פֿון אַנדערע מינים. אויך מצ עמעצער,
יעדער(ער). „איינשׂ דז זיכט... דר גיפֿינט אַל
צײַט ווש צו פֿר ריכטן„, בּראַנט. „ווען איר יוא
איינשׂ גיקויפֿט, קויפֿט מײַן בּית אויך„, שו„תּ

פּני יהושע, אַמשט 1715 [הש I]. ,,זענען זייער
פֿיל בּיכער... קלאָבּט זיך אויס וואָס פֿאַר א,
ער וויל‘‘, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע
1839 פֿון אַלע יסורים וואָס זענען דאָ אויף
. ,,
דער וועלט האָט נעבּעך ד ם ייִדן ניט א,
געפֿעלט,,, גאָר, די בּאָרד, זשיטאָמיר 1868. ,,א,
נאָך דאָס אַנדערע טרעטן שפּילפֿייגעלעך אַרויס,,,
ממוס פּישקע.
,
איינסאַזשען — טרוו. ־זשע איין, ~
געסאַזשעט. פּפֿ: ~סאַדז(ש)ען. איינשמירן
מיט (אין) סאַזשע. איינרוסן. א, דאָס פּנים ווי
אַ קוימענקערער. מיט ז י ך — ,,
שרעקעוודיקע און איידעלע פּאָעטן... האָבּן מורא
געהאַט, אַז דער פּאָעט וועט זיך א, די ריינע
פֿליגל‘‘, יג, תּוך I.
איינסאָכניען — ־ניע איין, ~געסאָכניעט. פּפֿ:
-
~סאָכען. אוטוו — איינטריקענען,
איינדאַרן. א', ווערן הויט און בּיין. א, אָן רעגן, פֿון
היץ. טרוו — מאַכן גאָר טרוקן, דאַר. א,
סוכאַרעס, קינעלעך. ‘‘ס'מזל האָט מיך אַזוי
איינגעסאָכניעט‘‘. ‘‘די אָרעמע עופֿעלעך זיינען

נעבעך אײַנגעסאָכניעט געוואָרן בײַ דער מרשעת“.
אויך מיט ז י ך.
איינסאַליטרעווען — טרוו. ־רעווע אײַן,
-
~(גע)סאַליטרעוועט. 1. אײַנרײַבן מיט
סאַליטרע, סאַלפּעטער, שטיינזאַלץ. א, אַ צונג.

1187

2. אַרײַנגעבן צו פֿיל סאַליטרע אין אַ שפּײַז.
א אַ זופּ מע זאָל ניט קענען עסן.
,
איינסאַרגען — טרוו. ־גע אײַן, ,געסאַרגעט.
-
אײַנבּרודיקן, אײַנחזירן. א, אַ נײַעם בגד, כאָטש
וואַרף אים אַרויס ־עניש.
.
איינסאָרטיק — אַדי. וואָס איז פֿון איין
סאָרט, מין, קוואַליטעט. א'ע סחורה ־יקייט.
.
איינסאָרטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)

סאָרטירט. פֿפֿ: ~סאָרטעווען. אײַנשטעלן,
אײַנגרופּירן, אײַנטיילן לויט סאָרטן, מינים. א,

די סחורה אין קראָם. א, פּירות. אויך מיט
ז י ך. ־ונג.
איינסדרן — [... סיידערן, לד.... סאַדערן,
--
פד] טרוו. סדר איַין, ~געסדרט. איַינשטעלן
(איַינפֿירן אע) אין אַ באַשטימטן סדר, אין אַן
אָרדענונג. איבערסדרן און בעסער א, די
קאַפּיטלען. א, די לידער אין דער נײַער אויסגאַבע.
מיט ז י ך — „אַלע וויבטיקע פּונקטן פֿון דער
רעדע האָבן זיך איַינגעסדרט אין קאָפּ“.
־ונג — א, פֿון מאַטעריאַל. „מיט דעם וואָס
די וויסנשאַפֿט טרעט אַרײַן אין דער פֿאָרשונג
און אין דער א, פֿון..., וועט זי ממילא
צוקומען צו די עיקר־פּראַגעס“, מוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן.
איינסודען — [... סוידען] טרוו. סוֹדע איַין,
-
~געסוֹדעט. איבערגעבן, אָנזאָגן עפּעס ווי אַ
סוד. א, אין אויער די לעצטע רכילות וועגן ער
פּרימאַדאָנע ־עניש.
.
איינסוואָנדזשען — טרוו ־דזשע איַין, ~
גע—   .
סוואָנדזשעט. פד. אָנפֿילן מיט טשאַד.

אײַנטשאַדען. א, די שטובן. א, די קעפּ.
אײַנגעסוואָנדזשעט ווערן פֿון די פּרעסלעך. אָפּט מיט
ז י ך — א, זיך די קעפּ. —עכ ן.
איינסווידערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געסווי ־
דערט.]e , c: <. פּאָד, מג. אײַנזעצן
אין תּפֿיסה. א, עמעצן פֿאַר רייניקן קעשענעס.
איינסווײַל — אַדוו. פּפֿ: איינסווײַלן.
גאַליציע, רומ. דערווײַל. לעת־עתה. וואָס ווען.
אין דער צווישנצײַט. „א, לעבט מען און מע
לאַכט", יסtראל אָרנשטיין, רעיונות י ראל...,
אַס 1893. "דעם גראַף מעגט איר א'ן זאָגן דאָס
י
איר וועט זײַן וואונטש ערפֿילן", איין גאַנץ
נײַע מעע)ה פֿון איין גראַף..., לעמבערג 1891.
אײַנסויענטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~
געסויענטשעט. פּפֿ: ~סויענצע(נע)ן.
אײַנהייליקן, אײַנשפּריצן מיט הייליק וואַסער (ווען
קריסטן). א, די נײַע באָסקע־מאַטקע.
איינסווענס — אַדוו. פר. דזוו איינוועגס.
גלײַכצײַטיק. „דער חתן האָט געזאָגט אַ
פּלפּולדיק פּשטל מיט בקיאות... און א,
פֿאַרענטפֿערט אַ האַרבן רמבם„, אַש, שטעטל.

אײַנסוהרן — [... סויכערן] טרוו. סוחר אײַן,
~געסוחרט. פּפֿ: □י.,סהרן [סאַכערן]. (מיט
בּיטול) אײַנהאַנדלען. א, מציאות אויפֿן יריד.
אײַנסוטען — טרוו ־טע אײַן, ~געסוטעט.
לר. אײַנקאָכן פֿאַמעלעך, מיט ווייניק אָדער
גאָרניט וואַסער אָדער מיט אַ בּיסל פֿעטס. א,
שעפּסנפֿלייש מיט יונגע קאַרטאָפֿעלעך.

אײַנסטיליזירן

אײינסושען — טרוו ־שע אײַן, ~געסושעט.
— □
סל. דזוו אײַנטריקענען.
אײנסט — אַדוו. דטשמ. נר. אַמאָל. ”גאָט
וואַר א, (אַמאָל) אַליין,„ ליאָנדאָר, נײַער בּש,
ווילנע 1887. „□.. זיך צו שמוקן און צו צירן,
דאָס מען א'... אינס טרקלין־שלאָס קימען
קענען זאָל“, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לעסtות II,
סאַטמאַר תּרפּ“ה.
אײַנסטאַטקעווען— טרוו. ־קעווע אײַן, ~
געסטאַטקעוועט. אײַנרואיקן, אײַנשטילן. מאַכן
פֿאַר אַ סטאַטיק. אײַנלערנען לײַטיש זיך
אויפֿצו□ירן. ”ווען זײַנע בּנים זײַנען

אונטערגעוואַקסן... האָבן די בנים מיט גוואַלד
אײַנגעסטאַטקעוועט דעם טאַטן“, נ. סווערדלין, טמז,
1966 □י 19. אָפּט מיט ז י ך.
איינסטאַלירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע)
סטאַ־־
לירט. 1. אײַנאָרדענען, דערפֿירן צו (אַן)
אָרדענונג, צו אַ צושטאַנד, עס זאָל
פֿונקציאָנירן. א, אַ קראַנק געשעפֿט. 2. סטאַביליזירן.
א, דעם מאָגן. א, ווען און וואָס צו געבן דעם
קינד עסן. 3. אײַנפֿונדעווען, אײַנפֿעסטיקן. א,
אַן אונטערנעמונג. 4. דורכפֿירן, אײַנפֿראַווען,
אַרײַנציִען. א, וואַסער־רערן. א, עלעקטרישע
באַלײַכטונג. מיט ז י ך — א, זיך אויף אַ נײַער
שטעל. ־ונג.
איינסטאָלירן — טרוו. ־ליר אײַן, □,(גע)

סטאָלירט. אַמ. a11 □o ins□ :□ ־ □. דפֿוו. דזוו
אינסטאַלירן. ספּעצ, א, די נײַע 'באַאַמטע, פֿון
פֿאַראיין. ־ונג.
אײַנסטאַלעווען — טרוו. ־לעווע אײַן, ~
געסטאַלעוועט. □ □יinstalo:□. דזוו
אײַנסטאַלירן. אויך מיט ז י ך — „ער שרײַט אַז ער
האָט זיך שוין אײַנגעסטאַלעוועט און אַז ער

וואוינט איצט בײַ...,,, נאַד.
איינסטאַנעווען — טרוו. ־נעווע אײַן, ~
גע־־
סטאַנעוועט. פּפֿ: ~סטאָנעווען. (
שנײַדערײַ) אײַננעמען, אײַנציִען, ענגער מאַכן (אין)
דעם סטאָן. א, אַ זשאַקעטל.
אײַנסטאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אײַן,
זיך ~געסטאַרעט. פּפֿ: ,סטאַרעווען. זיך
סטאַרען, זיך אײַנעקשנען בײַזן דערגרייכן. א,
זיך און אויפֿטאָן —עניש.
.
איינסטווײַל(ן) — אַדוו. דטשמ. דזוו
איינסוווײַל ←. ,,נאָר פֿון זײַנע שריט האָבּן מיר
א'ן גאָר קיין נאַכריכטן", קמ, 34 1867, No.
,,נאָר פֿון דעם געלט קען די אַל אַנס, א'ן ניט
,׳
רירן", ייִפֿאָל, 18 1882 III.
איינסטייל(ס) — אַדוו. אַרכ ערשטנס.
,,איינשׂ טיילשׂ אום דשׂ איך בּיזארגט וואַר
פֿאַר גרײַזן צו שרייַבּן, דשׂ אַנדרי...,,, יוסף
מאַרשן, שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תּע,,א,
הקדמה.
איינסטיליזירן — טרוו. ־זיר אײַן, ~
סטילי.

זירט. נעאָל. אַרײַנפּאַסן אין סטיל. „אַ טיפּע
פּאַרשטענדעניש פּאַר דעם מאַרמאָר און דעם
שטיין פֿון לאַנד, וואָס ווערט אײַנסטיליזירט אין
דעם געבײַ פֿון הײַזער„, יג, טמז, 11 1963 I.
־ונג.

אײנסטל

איינסטל — דאָס, ־עך. אַן איינס אין (אויף)
אַ קאָרט. איינס אין דאַמקעס. איינס אין דאָמינאָ.
אײַנסטעכעווען — טרוו. ־כעווע אײַן, ~
געסטעכעוועט. אוקר. אײַנבײַטן. א, אַן אַרבוז
אויף אַ רעטעך. א, תּחינות אויף קינות.
אײַנסטעמסלען — טרוו. ־פּל אײַן, ~
געסטעמפּלט. פּפֿ: ,סטעמפּלעווען.
אײַנשטעמפּלען. אײַנדריקן, אײַנקריצן מיט אַ
סטאַמפּ. א, צייכנס. [די פּאָרעם מיט ס ברייט
געניצט אויך דאָרטן וואו עס איז ניט געווען
קיין פּלאָנטער ש: ס]
איינסטעמסעווען — טרוו ־פּעווע אײַן,
—
~געסטעמפּעוועט. 1. אײַנפּעסטיקן. א, אַ
פּלאָקן אין דער ערד. 2. דורכפּאַרען שטאָף
פּאַרן געבן צום שנײַדער. 3. אײַננעצן מיט

אַ שוואָם, מיט אַ טיכל. 4. מאַכן עס זאָל
אײַנגעשרומפּט ווערן. „אַזוי ווערט בײַ אים [דעם
רבין] מיט זײַן אומגעבונג אײַנגעסטעמפּעוועט
אַ טאָג אין דער וואָך“, ארז, קמ, 5 l870, No.
5. דזוו אײַנסטעמפּלע(ווע)ן. מיט ז י ך —
„... ווי ער וואָלט מיט די לעצטע כּ□חות זיך
אײַנגעסטעמפּעוועט אין דעם בּיסעלע
מענטשלעכקייט“, בּצג, טמז, 5 1962 IX.
אײנסטראָיען — טרוו. ־יע אײַן, □.,

געסטראָיעט. 1. אײַנבּויען, אַרײַנבּויען. אײַנפּראַווען.
א אַ שלאָס אין טיר. 2. אײַנשטעלן,
אײַנאָר,
דענען. “וויפֿל הוצאָות מע דאַרף האָבן לערך
אויף אײַנצוסטראָיען אַ געוויינלעכן סאָד“, מ.
וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע l900.
3. אָרגאַניזירן. א אַ כאָר. א אַ פֿאַרזאַמלונג.

,   ,

א אַן אַנדער סיסטעם אין דער אַרבּעט. „האָט
,
ער אײַנגעסטראָיעט אַ בּאָגאַדעלנע פֿאַר אַלטע
לײַט... וועלכע קענען נישט אַרבּעטן“, מ.

אחון□ סיפּור משני בעלי תּשו□ה, ווילנע תרנ,,ו.
מיט ז י ך — אײַנאָרדענען זיך. ־עניש.

אײַנסטראַשען — טרוו. ־שע אײַן, ~ געסטראַשעט. דורך סטראַשען מאַכן מע זאָל מורא קריגן. אײַנשרעקן, אָנוואַרפֿן פּחד, מע זאָל עפּעס (ניט) טאָן. א, די קינדער מיט מעשׂיות פֿון (וועגן) שדים. ־עניש.

איינסטרוניק — אַדי. וואָס האָט (איז מיט) איין סטרונע. א'ע אינסטרומענטן. "געצויגן זײַן פּרנסה פֿון געבן קאָנצערטן אויף אַן א'ער פֿידל", א. קאַרפּדנאָוויטש, בײַם ווילנער דורכהויף, ת"א 1967.

אײַנסטריגעווען — טרוו. ־געווע אײַן, ~ געסטריגעוועט. אײַננייען מיט לאַנגע שטעך און ביליקן פֿאָדעם (ס'זאָל זיך האַלטן אין פֿורעם). א, די ברוסט פֿון אַ מאַרינאַרקע. א, אַן אַרבל, אַ קאָלנער.

איינסילאַסעווען — טרוו ־סעווע אײַן, ~ געסילאַסעוועט. סל. <□ □]a□]aca□ei:□>. קעלטערן. אַרײַננעמען אין אַ קעלער און אויפֿהיטן. א, תּבֿואה, גרינסן. א, בולבע אויפֿן גאַנצן ווינטער.

איינסילען — טרוו. ־לע אײַן, ~געסילעט. פּפֿ:

--

~סיליען, ~ציל(י)ען. 1. אײַנציִען אויף

1188

(דורך) אַ פֿאָדעם. א אַ בײַטש פּערל. 2.
דורכ,
ציִען אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל ־עניש.

.

איינסיסטיש — אַדי. <איינס + יסט + יש.
נעאָל. וואָס איז לויטן פּרינציפּ פֿון איינס.
"על־פּי רעליגיע זענען מיר מאָנאָטעאיסטיש,
א, פֿילאָסאָפֿיש גענומען זענען מיר
דואַליס
טיש: גאָט און וועלט", א. אַלמי, פֿאַש, 1955
3 I.
איינסיסטעמאַטיזירן — טרוו. ־זיר אײַן,

--

(גע)סיסטעמאַטיזירט. אײַנשטעלן אויף אַ,
סיסטעמאַטישן אופֿן. א, דעם אַרכיוו ־ונג.

.

איינסיק — אַדי. וואָס איז געבויט אויפֿן
יסוד פֿון איינס. וואָס קיין צוויי צו דעם איז

ניטאָ. איינצאָליק. יחידיש, אינדיווידועל. „איז דער מין מענטש א, אין אוניווערס?“. ־יקייט.
איינסל — דאָס, ־עך. ← איינס. איינסטל.
איינסלאָיען — טרוו ־יע אײַן, ~געסלאָיעט.
—
אַרײַנטאָן (און אויפֿהיטן) אין אַ סלאָי. א, אײַנגעמאַכטס. א, בלויע יאַגדעס.
איינסמאָלט — אַדוו. אַרכ. אַמאָל. אַנומלט. “... אינשׂ מולט קאַם אין די זעלביגין שטאַט איין קויפֿמאַן פֿון פֿערן לאַנד“, ספֿר משלים, פּ דמ 1686.
איינסמאַליען — טרוו ־ליע אײַן, ~ געסמאַ־־
ליעט. פּפֿ: „סמאַלענען. לד. אײַנברענען, צוברענען. א, די וואָנצעס מיט אַ שוועבעלע. א, די פּלייצעס אויף דער זון. אויך: א, די באַקן פֿון (אויפֿן) פֿראָסט.
איינסמאָלען — טרוו. ־לע אײַן, ~ געסמאָ.
לעט. פּפֿ: ~סמאָלעווען. 1. אײַנרײַבן מיט סמאָלע. א, די דראַטווע. 2. אײַנשמוציקן, אײַנברודיקן. א, די קליידער.
איינסמאָרען — טרוו ־רע אײַן, ~געסמאָרעט.

—

פּפֿ: ~סמאַרען. אויך: ~שמאָרען.
אײַנשמוציקן. א, די הענט, קליידער.
איינסמאָרקען — טרוו. ־קע אײַן, ~

געסמאָרקעט. פּפֿ: ~סמאַרקען. אײַנשמיצן מיט לייכעץ, מיט יעדער מין אויסשיידונג. בּכלל אײַנבּרודיקן. א, מיט ראָץ די אַרבּל פֿון דער קאַפּאָטע. א, מיט בּרוד די פּאָלעס.
איינסע — [אין וואַרשע, אַ צאָל פּר: איינסאָ"] אַדוו פֿון צײַט. פּד, גאַליציע, אוקר. איינס אַזייגער. ווי שפּעט איז עס? — א'. מיר עסן א'.
איינסעלע — צוו. דזוו איינס, בּײַם ציילן אין קינדערשפּילן. אויך: בּײַם ציילן אַ גרופּע קינדערלעך (מע פֿלעגט צולייגן ניט־). א', צווייעלע, דרײַעלע אאַזוו.
איינסע(ר) — אַדי. 1. ערשטקלאַסיק, ערשטסאָרטיק. "איך גיב דיר נומער א, סחורה,,, נאַד.
2. וואָס איז איינס אַזייגער. ,,דער חתן איז געפֿאָרן מיט דער א'ר קאָלייקע אַהיים" [= מיטן באַנדל וואָס גייט אַוועק איינס אַזייגער], א. בּערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 192.
3. בּאַצייכענונג פֿאַר אַ מאָס. אַן א'ר דראָט,

טשוועקלעך אאַ.

איינספּעקולירן — טרוו ־ליר איַין, ־..,(גע)־

—

*

ספּעקולירט. דערגרייכן עפּעס דורך
מאַניפּולירן, קאָמבינירן (אין האַנדל). אַרייַנקריגן עפּעס

איינע

דורך ספּעקולאַציע. א, אַ פֿאַרמעגן בעתן פֿאַלן
פֿון דער וואַלוטע ־ונג.

.

-

איינס סאַר אַהרץ — דזוו שבֿיעי. בייַם
אויפֿרופֿן צו דער תּורה ווער עס קומט פֿאַר אַחרון,
פֿאַרן לעצטן. „די בעלי־מלאָכות, אַז זיי דאַוונען
אין דער גרויסער שול שבת אָדער יום־טובֿ,
פֿלעגט מען זיי מכבד זייַן מיט אַן עליה א, פּ,
אַ„ נאָר אויפֿרופֿן מיטן נידעריקן טשין — חבֿר,
וואָרעם דער ערלעכסטער און דער פֿייַנסטער
בעל־מלאָכה האָט ניט געהאַט דעם טשין פֿון
מורנו,„ יהודא חאַזאַנאָוויטש (פֿון גראָדנא),

...

קורץ און שאַרף, קעשענעוו 1888. „קיין זאַך געפֿעלט אים ניט, דעם שרייַבער!... שישי און א, פֿ אַ, איז בײַ אים אַלצאיינס. אומעדום

,

שטעקט ער זײַן נאָז!“, בלעטער, No 3.
איינס־צוויי — אַדוו. פֿלינק, געשווינד, גיך.
אָן שהיות. בריהש. „בײַ אַנדזער רבּין איז אומר ◻ עושׂה, אי־צ, — און פּאַרטיק„, לאַט,
דאָס ◻ ודישע קינד. „אי־צ, — מיטן קאָפּ פֿאַרדריי“ פֿוול. „זי האָט אי־צ, אויסגעדרענגט די

,

פּאָר שטיקלעך גרעט און זיי צעהאַנגען איבער די ביימער“, ש בערלינסקי, פּליטים, ת“אָ 1958.
אויך: בײַם מאַרשירן, בײַם מושטירן.
אי־צ'־דרײַ — דז. טאָן עפּעס אי־צ'־ד,.
„אי־צ'־ד, — און אַראָפּ פֿון מאַרק“, שע. „אי־צ'־ד, — און מע ברעכט טעלער“, שע. „אַ גאַנץ לײַכטער טויט: א,־צ'־ד„ און דער שלאַק האָט אײַך שוין געטראָפֿן“, לאַט, מישקע. „הײַנט איז אי־צ'־ד', צײַט צוויי וואָכן האָסטו אַ פֿאַרטיקע שטוב„, פּינסקער שטאָדט־לוח, תּרס„ד.
איינס־צווייען — אוטוו. ־צווייט, (גע)

איינסצווייט. נעאָל. 1. מאַרשירן, גיין און ציילן צום טאַקט איינס־צוויי. „אַ מענטש איינס־צווייט, איינס־צווייט געשווינד אין גאַס", אַלף כּץ, אַ מעסtה פֿון ים. 2. אויסקלאַפּן אַ צוו￼יי־ פֿערטלטאַקט בײַם שפּילן, טאַנצן. א'־צ, און האָפּקען.
איינסצעני(זי)רן — טרוו. ־י(זי)ר אײַן, --
￼'סצעני(זי)רט. אינסצענ(יז)ירן, איבעראַרבעטן אין אַ סצענישער פֿאָרעם. א, די דערציילונג.
איינסקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן איינס, איין גאַנצקייט, בלויז איין־איינציקע גאַנצקייט. „ייִדיש — דער סימבאָל פֿון ייִדישער א'", ימ, קוד, מײַ 1943.
איינסקראָבען — טרוו. ־בע אײַן, ~ געסקראָ־־ בעט. אײַנקראַצן, אײַנרײַבן מיט אַ שאַרפֿער זאַך (מעסער, נאָגל, האַרטער באַרשט אע). א, די פֿאָדלאָגע. א, דעם טיש. א, דעם קאַלך פֿון דער וואַנט. ־עכ￼ן.
איינסראַטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~ געסראַ־־ טשעט. וואול. אויך: ~סראַל(י)ען.

אײַנשמוצן. אײַנדאָסן. אײַנקאַקן. אויך מיט ז י ך.
איינסרסרן — [... סאַרסערן] טרוו. סרסר אײַן,

-

~געסרסרט. אַרײַנקריגן, פֿאַרדינען ווי אַ
מעקלער, אַ פֿאַרמיטלער. א, אַ צענערל בײַ אַ
געשעפֿטל.
איינע — מצ פֿון איין ←. פֿרגל איינע(ר).
1. אַדי. די זעלביקע. די אייגענע. „א, באַגערן

איינע

בײַ זיִען און ערן“, שוו. „איו האָב הנאה,
פֿריידעלע, דו האָסט א, געדאַנקען מיט מיר“,
אבג, דעקטוך, וואַרשע 1876. „אַ וועלט כלעבן
מיט א, הנהגות, א, חכמות...„, ממוס, ווינטשפֿ.
*אין א, י אָ ר ן = אין דעם זעלביקן עלטער.
2. אַדי. בלויזע. וואָס איז בלויז מיט. וואָס
איז נאָר פֿון איין מין פֿון איין גרופּע. צאָלן
,
מיט א, פֿינפֿערלעך. „מאַנסבילן אָן קאַפּאָטעס,
אין די א, טלית־קטנס„, ממוס, ווינטשפֿ. „אין

וואַגאָן זײַנען זיך צונויפֿגעקומען א, דײַטשן, קיין איין עסטרײַכער ניטאָ“, מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 1962, No. *זײַן (זיצן, ליגן אע) אין א, צ ר ו ת = אין אַ שווערן מצבֿ, ווען מע קען זיך ניט העלפֿן. אין א, לײַדן. אין א, וואונדן. אין א, פֿריידן. ליגן אין א, מכּות.

3. אַדי (מיט אַן אָנווײַז אויף צײַט). וואָס איז נאָר בּמשך פֿון. אויך: אַנערכדיק. ״לאָמיך מיט אים שטיין און ריידן א, צען מינוט,, פֿל. ,,די

,

טעפֿליקער פֿערד־גנבֿים... האָט ער אין א, צוויי חדשים אויסגערויכערט,,, שע, אָרעמע און פֿריילעכע II. ,,עס האָט זיך בּמשך פֿון א, פֿינף יאָר איבּערגעבּיטן די גאַנצע לאַגע“, זשיט. ,,נאָך א, צוויי־דרײַ גוטע געשרייען, וועסטו....,, שע קליינע מענטשעלעך....

4. סובֿ. דאָס וואָס איז איינציק, אָפּגעקליבּן, בּאַזונדער. א, אין א'. ׳.. איינע(ר). א, מיט (אויף, לעבּן אאַ) די אַנדערע. ,,זײַנען א, די אַנדערע בּלוטיקע פֿײַנד,,, דער לאַנד חכם, הו׳ואָר, זשורנאַל, נ,,י 1894.

5. פּראָ. עטלעכע. טייל פֿון אַ גרופּע. איינע זײַנען געגאַנגען אַהיים און א, (עטלעכע, די אַנדערע) צום טײַך. א, גייען צו דער אַרבּעט

און די אַנדערע פֿון דער אַרבעט.
איינע — 1. וו ײַ ב ל ע כ ע פֿאָרעם פֿון איינער.
. איינע(ר). נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו.
2. נ ײַ ט ר אַ ל — נאָמינאַטיוו און אָקוזאַטיוו, מיטן באַשטימטן אַרטיקל. דאָס א, קינד. זאָגן דאָס א, וואָרט. דאָס א, דאַוונען האָט געדויערט....

-

אײַנעבירהן זיך — [... אַווייִרען] אוטוו. עבֿירה זיך אײַן, זיך ~געעבֿירהט. (שפּאַסיק) זיך צוגעוואוינען צו טאָן עבֿירות. „דו האָסט זיך שוין אָזוי אײַנגעעבֿירהט, אַז דו פֿאַרגעסט אַפֿילו אַז דאָס איז אַן עבֿירה„.
איינעגאַ'ל — אַדוו. פּר. אַלצאיינס. "מיר איז שוין א'... די נשמה דעם טײַוול אָפּגעגעבן„.
„קליינע בירגער, גרויסע בירגער, ס'איז אַים א,", יחיאל לערעך, מײַן הייס.
אײַנעגבערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געעגבערט.
1. אײַנבויערן. אײַנדרעלעווען. אַרײַנשטעקן דעם עגבער און בויערן. א, אַ ברעט. א, אַ לאָך.
אויך: א אַ פֿויסט אין רוקן. 2 יג. מאַכן
, .

עס זאָל שאַרף אַרײַנדרינגען. א, דעם בליק אין
עמעצן. „זיך איבערגעבויגן איבער דער אַל□ער
און די אויגן אײַנגעעגבערט...,„ נ. לוריע,
בריקן ברענען, כאַרקאָוו 1929. מיט ז י ך —
„מיט אַ שאַרפֿן קוק האָט ער זיך אײַנגעעגבערט
אין די וועגן וואָס פֿירן צו זײַן שלאָס,„ ר.
זעליגמאַן איבז, העראָדיאַדע, 1922. „עס ווערט
צעשטערט יענע באַציאונג צו ייִדיש, וואָס מיר

ווילן אַז זי זאָל זיך א, אין די הערצער און אין
די מוחות פֿון די קינדער“, ימ, אונזער שול,
נ“י 1936. „אײַנגעעגבערט זיך אין וואַסער...
האָט די זון“, סעג, קאַפּריזן. ־ונג.
איינעהאָרע — די, ־ס. פֿטמ אוֹפֿן
אַרויסרעדן עין־הרע. “איר זענט דאָך קיין א, דער
עלטסטער צווישן אונדז,„ יחיאל לערער, מ□.ן
□ייִס.
אײַנעזותן זיך — [... אַ'זעסן] אוטוו. עזות
זיך אײַן, זיו ~געעזותט. זיו צוגעוואוינען
צו זײַן עזותדיק. זיך א, ווי אַ לאָבוס.
אײַנעט — פֿטמ. פּפֿ פֿון קאָנווערב אײַן מיטן

צוּוואוקס ־עט. אין דער פּאָזיציע נאָכן ווערבֿ, קען ־עט צוקומען צוליבֿ ריטמישקייט: שלאָפֿט אײַן — שלאָפֿט א'. פֿרגל אויסעט, 297. „שלאָף, מײַן קינד, מײַן פֿאַרגעניגן, שלאָף זשע א', קינד מײַנס טײַערס„ פֿל. "שלאָף א', מײַן

,

ליבֿסטע, און וואַרט„, דא, שטילע געזאַנגען, 1907.

איינעטאַזשיק — אַדי. וואָס איז פֿון (האָט) איין גאָרן, שטאָק, עטאַזש. א'ע הײַזקעס.

אײַנעטעמען — טרוו. ־עם אײַן, ~געעטעמט. דזוו אײַנאָטעמען ←. א, די גוטע לופֿט. א, פּאַרע. א, דעם גײַסט פֿון דער סבֿיבֿה ־ונג —

-

.

"דאָס שטיין אויף איין אָרט און מאַכן טיפֿע א'ען ברענגט ניט די געהעריקע רעזולטאַטן„, פֿגעז, ווילנע 10 1932, No.

איינעיפּושן — [... אי'פּעשן] טרוו. עיפּוש

--

אײַן, ~געעיפּושט. 1. אײַנלאָזן זייער אַ

שלעכטן ריח. אײַנשטינקען. א, די שטוב מיט בּיליקער מאַכאָרקע. 2. אײַנחזירן. מאַכן עקלדיק. „מע קען אויך א, אַ גוטע זאַך„.

-

אײַנעירובֿן — [... איי'רעוון] טרוו. עירובֿ איַן, ~געעירובֿט. אײַנשטעלן (אַרומנעמען מיט) אָן עירובֿ. א, דאָס שטעטל.

איינעכטן — דזוו אייערנעכטן. [אין Mhd און r פֿאַרן ערשטן טייל פֿון וואָרט.] „און די מאַמע האָט זיך נעבעך געמוזט מודה זײַן, אַז נאָך א, האָט זי... צוגעדעקט דעם פּאַרעווניק מיט סיראָוועטקע„, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. „האָט געדענקט פֿון נעכטן און א'„ בערג. [ווערט אויך געשריבּן פֿאַרגרײַזט: „איין־נעכטן„.]

איינעלטערדיק — אַדי. וואָס איז פֿון דעם זעלבּיקן עלטער. וואָס איז מיט עמעצן אין איינע יאָרן. א'ע זעלנער. די א'ע תּלמידים פֿון קלאַס. ־יקייט — „די א, פֿון די קינדער איז דאָ אַ מעלה„.

אײַנעלטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געעלטערט. 1. מאַכן עלטער ווי מען איז שׂרה, זאָל לעבּן,

,, .
עלטערט מיך נאָך מער אײַן: דאָס טו ניט, דאָס
עס ניט, און אַזוי כּסדר״. 2. האַלטן לענגער.
א, קעז, ווײַן. 3. מאַכן עס זאָל אויסזען
עלטער. א, דאָס פּנים מיט גרים. מיט ז י ך —
מיטאַמאָל, אומגעריכט אויסזען אָדער זיך פֿילן
עלטער, שוואַכער. זיך א, נאָכן טויט פֿון זון.
איינעם — 1. אַקוזאַטיוו און דאַטיוו מענלעך
פֿון א יי ִנ ע ר. ← איינע(ר). ,,איך האָב געזען

אײַנענגען

א, שטיין אַליין בײַם ברעג טײַך״. ,,אַ ליבע
איז דאָך אַלץ כּדאַי, נאָר ווען איז דאָס גערעדט
געוואָרן? מיט א', ניט מיט דרײַ,,, פֿל. ,,כ'דאַרף
ניט אַז אַלע מענטשן זאָלן מיך ליב האָבן, איך
האָב שוין א, וואָס ער האָט מיך ליב,,, פֿל. ,,אַז
מע באָרגט א, געלט, קויפֿט מען זיך אַ שׂונא,,,
שוו. ,,אַז עס באַשערט א, דערטרונקען צו
ווערן, ווערט ער דערטרונקען אין אַ לעפֿל
וואַסער,,, שוו. ,,וואָס פֿאַר א, ברויט איז פֿאַרן
אַנדערן טויט״, שוו פֿאַר א אַ טובֿה פֿאַרן
— ' ,, , ,
צווייטן אַן אומגליק,,; ,,אַז א, איז באַשערט אַ

שלימזל, קומט עס צו אים אַהיים (אין שטובּ אַרײַן),,; ,,אַז דאָס אומגליק דאַרף א, טרעפֿן, טרעפֿט עס אים אויפֿן גלײַכן וועג,,; ,,(אַזוי) ווי מע וויגט (איינעם) אײַן, אַזוי וויגט ער זיך אויס,,. פֿון א, קען מען קיין צען ניט מאַכן

,,

און פֿון צען קען מען קיין א, ניט מאַכן“; ,,אַז גאָט וויל א, שטראָפֿן, נעמט ער בײַ אים דעם שׂכל אַוועק“, שוו. ,,אַלע פֿאַר א, און איינער פֿאַר אַל',,, אַל. ,,צוליבֿ דעם א, וואָרט 'חשובֿ', איז בײַ אים כּדאַי סע זאָל אים קאָסטן...,,, שע, קליינע מענטשעלעך.... *מאַכן צען פֿון א, = א) שטאַרק מגזם זײַן; בּ) צעממיתן עמעצן, צערײַסן אים אויף שטיקער.

2. דאַטיוו נייטראַל, אין אַזאַ סדר און קאָנסטרוקציע: דאָס איינע קינד — מיט דעם קינד ד ע ם א'. *מיט א יי נ ע ם וואָרט פֿטמ.

.

דזוו מיט איין וואָרט. ,,מיט א, וואָרט, ער איז דער נגיד,,, שע, קליינע מענטשעלעך....

א יִי נ ע מ ס — פּאָסעסיוו. ,,א, אומגליק איז אַר דעם צווייטן אַ גליק“, שוו. ,,א, געליבּטע האָט ערהאַלטן אָ ירושה,,, ייִל, דאַס משלחת,

זשיטאָמיר תּרל"ו. „בײַ אַ יונגנמאַנטשיק... אַן איידעמל א'... געפֿינט מען אונטער דער גמרא אַ ,טריפֿה־פּסול,,,, ממוס, 'ד אַלטע
י
מעשׂה'.

אײַנעמאַלירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~עמאַלירט. באַדעקן מיט עמאַל. א, קיך־כּלים ־ונג.
.

איינעמען — פֿטמ, דזוו איינעם, ספּעצ בײַ אַ סובּסטאַנטיווירונג. עמעצן. „די פּאָליצייסקע שלעפּן א, אין דער פּאָליציי,,, אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע תּרכ,,ד. „האָט דער רבֿ גענומען א, אַז ער זאָל גיין אַרום אין דער שטאָט,,, ספֿר אהלי צדיק פּשעמישל, יאָר?

איינעאַכטן — טרוו. אַרכ. + M□d: einen

□נ□I□ □e□I]a. אַרײַנקריגן. אַרײַנבאַקומען. אויסזוכן. "מיר זאָלן זיך איינן אַכטן איין קונשׂטר מאַן", 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש"ץ, פֿירט 1694 [פּש III].
,

אײַנענגען — טרוו. ענג אײַן, ~געענגט. 1. מאַכן ענג(ער). אײַנשמעלן. א אַ פּאָר
מעש,
טעס. א, די טאַליע, דעם פּאַלטן. 2. מאַכן

עס זאָל זײַן ווייניקער אָרט. א, דאָס צימער מיט
דעם איבעריקן מעבל. 3. באַגרענעצן.
אײַנצוימען. „ווי נאָר מע וועט אָפּשאָפֿן אַלע
גרענעצן וואָס ענגען אײַן די סוחריש־מעקלערישע
טעטיקייט פֿון די ייִדן“, זשיט I, נ„י 1917.
מיט ז י ך — 1. מאַכן ענג פֿאַר זיך. א, זיך
און ניט האָבן וואו זיך אויסצודרייען. „מע גיט

איינען זיך

זיך אַן עצה, מע ענגט זיך אײַן אַ ב סל, מע
רוקט זיך צונויף“, שע, 'כּתרילעווקער נשׂרפֿים'.
2. ווערן (זיך פֿילן) געדריקט איבער דוחק אין
געלטמיטלען. א, זיך מיט צו פֿיל איבעריקע
הוצאָות.
איינען זיך — אוטוו. איין זיך, זיך געאיינט.
ארכ. אייניקן זיך. דורכקומען. “דרום דאז
זיא ניט קונטן איינִיג זײַן... און קונטן זיך
דרום ניט איינין“, ס ר משלים, פֿפֿדמ 1686,
יז/א.
איינעסיקן — טרוו ־יק אײַן, ~געעסיקט.
--
אײַנלייגן אין עסיק. צוגעבן עסיק. א, גרינסן.

א, דאָס צעשניטענע פֿרעשל, דעם עמבריִאָן
אאַזןו.

אײַנעסן — טרוו. עס אײַן, ▯געגעסן. 1. עסן
--
אַ סך. עסן איבער דער מאָס. „ווײ, וואָס ער
האָט אײַנגעגעסן!“. ▯ער האָט אַ מוח אײַנצועסן
= ער האָט נאָר שׂכל צו עסן אַ סך. „די האבן
איין סעודה אײַן גיגעסן אם שבת“, לט 1, סד/ב.
2. אַרײַנעסן גיך, זשעדנע. א, דעם האַלבן קילאָ
ברויט אויף איין מאָל און דערנאָך ניט האָבן
צו עסן אַ גאַנצן מעת־לעת. 3. אײַנבײַסן. א,
אַן עפּל. 4. אַראָפּשלינגען. אײַנשלינגען. „ער
נעמט איין... [פּאַפּיר] אונ, שרײַבט עטליכי
ווערטער דרויף, אונ, ליס עשׂ רבי חנינה אײַן
עסן“, מב, מעשׂה קמג.

אײַנעסנדיק — אדי. וואָס עסט זיך אײַן.
--
נודנע. דערווידערדיק. אַן א, רעגנדל. אַן א'ע
קעלט. „נאָר עפּעס אַן עקשנות, אַ זײַטיקער
כּוח, אַ פֿרעמדער, אַן א'ער, האַלט אים אָפּ„,
ייִז, די ברידער אַשכּנזי. „דערנאָך האָט אין די
וועבער־שטובן זיך אַרײַנפֿאַרקליבן א'ער
הונגער“, יוסף אָקרוטני, אונזער אָריס ברויט,
וואַרשע 1936.

אײַנעסן זיך — אוטוו. ← אײַנעסן. 1.
דערקוטשען. מאַכן עס זאָל ווערן נמאס ומאוס.
פֿארנודזשען פֿאַרמאַטערן פֿאַר אַדען. ניט
אָפּ־ . , ׳
לאָזן. אָנזעצן זיך אויף עמעצן. א, זיך א י ן
עמעצן. א, זיך אין דער ל ע בּ ע ר , אין די
בּ י י נ ע ר, אין די ג ע ד ע ר י ם. אוי, קען
ער זיך א'! א, זיך ווי אַ וואָרעם, ווי אַ פּיאַווקע,
ווי אַ (זלידנע) פֿליג, וו אַ קלעשטש. א, זיך
׳
ווי זשאַווער, ווי ראָסט. „מע זאָל אָפּוואוינען
יאָרן אַ טיר נעבּן אַ טיר און מע זאָל זיך
ניט א, איינער דעם אַנדערן אין די בּיינער?„,
בּן־עמי, ייִפּאָל, 1888' No 1. “זײַן עובֿדה איז
געווען א, זיך איטלעכן בּאַזונדער אין די בּיינער
אַרײַן„, שע, מע׳יות פֿאַר ייִדישע קינדער I.
2. איבּערדריסיק ווערן. פֿאַרמיאוסט ווערן.
ווערן ניט אויסצודערהאַלטן. “טפֿו! ווי דאָס
גלות האָט זיך אײַנגעגעסן”, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. „אַז צבֿיהן... עסט זיך אײַן דאָס
אַלטע אָפּגעקומענע לעבּן, הערט זי אויף צו עסן”,
בּערג, 'דער טויבּער'.
3. אַרײַנדרינגען דורך איינעם פֿון די חושים
און אַזוי ווי צעעסן דעם גוף. ריחות, קלאַנגען,

שרײַאיקע קאָלירן קענען זיך א,. קאַלטע ווינטן,
דער פֿראָסט — עסן זיך אײַן אין די בײנער.

119()

,,די פֿאַלשע זומערדיקע שמייכלען וועלן זיך
אים א, אין די בײנער", נאַד
4. (וועגן אַ געפֿיל אָדער אַ קראַנקייט) טיף
אַרײַנדרינגען אַז מע זאָל ניט קענען זיך העלפֿן
קעגן דעם. כּעס פֿאַרדראָס, קנאה עסן זיך אײַן
,
אין מענטש. שווינדזוכט, אַ ראַק אע עסן זיך
אײַן אין קערפּער. ,,די קרענק האָט זיך
אײַנגעגעסן אין זײַנע בײנער, אַז ער פֿילט זי שוין
גאָרניט", ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. ,,קראַנקע
דערשײַנונגען וואָס האָבן זיך אײַנגעגעסן אין
אונדזער אָרגאַניזם", מ. שטריגלער.
5. צושטיין, צוקלעפּן זיך און נאָגן, פֿרעסן.
פּ אַוקעס עסן זיך אײַן אין לײַב. אַ פּאַראַזיט
,
עסט זיך אײַן אין קאָרע פֿון בוים. ,,אַ
פֿינגערשרויף... מיט שפּיצן פֿון אינעווייניק, זיי
זאָלן זיך א, אינעם פֿלייש", בּ. בּעקערמאַן, זבֿ,
דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895. "די

נסיעה אַהין אין יענע ווײַטע מקומות האָט ווי אַ
זלידנע זיך אײַנגעגעסן אין בנימינס קאָפּ“,
ממוס, מסעות. א, זיך (מיט די ליפּן) = זיך
קושן לאַנג און לײַדנשאַפֿטלעך.

6. אַרײַנדרינגען אין עפּעס (איבער דער
שווערער וואָג). א, זיך מיט די שטיוול אין טיפֿן
שניי. „דער שווערער שטיק אײַזן... וועט זיך
דורך זײַן שווערן דרוק א, אין טיש“, דר, אב.
קאַטפּע פּיזיק, נ„י 1916.

,

7. קוקן דורכדרינגלעך, צודרינגלעך. שטאַרק
נאָכפֿאָרשן. א, זיך מ י ט די בליקן אין עפּעס,
אין עמעצן. „מיט די אויגן, מיט אַלע חושים
האָט זי זיך אײַנגעגעסן אין אָט דעם [בחור]„,
י. יאָע, אין קעסלגרוב, מאָסקווע 1929. „ער
האָט זיך שאַרף אײַנגעגעסן מיט זײַנע אויגן
אין איר פּנים“, ב. דעמבלין, צוויי און אַ
דריטער.

8. אַרײַנטאָן זיך (אין אַן אַרבעט, טעטיקייט)
מיט גרויס התמדה, מיט ברען. א, זיך מיט
לײַב און לעבן אין לערנען, אין מאַכן אַ
קאַריערע אע א, זיך אין כלל־טוערײַ און פֿאַרגעסן
די אייגענע משפּחה.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (—ין,

־קע). ־ערײַ.
איינעסער — דער, ־ס. (ספּעצ אין געטאָ און
.
לאַגערן אונטער די נאַציס) ווער עס פֿלעגט מיט
איין מאָל אויפֿעסן די גאַנצע ראַציע און נישט
אײַנטיילן זי אויף דער גאַנצער צײַט פֿאַר
וועלבער זי איז געווען באַשטימט. „די 250
גראַם ברויט האָבן במעט אַלע נאָך נעכטן
אַרײַנגעשלונגען... קוקן אָט די א׳ס מיט חרטה און
מיט קנאה אויף... ווי באַזאַכט ער עסט זיך“,
י. קאַפּלאַן, שליאַד און אומוועג.
איינעצהן — [... אייצען] טרוו. עצה אײַן,
-
~געעצהט. איבעררײדן מיט עצות. א, גאָר
אַן אַנדער פּלאַן. „ער האָט אַזוי אײַנגעעצהט
פֿון אַלע זײַטן, אַז ער האָט פֿאַרגעסן וואָס
אייגנטלעך ער אַליין האָט געוואָלט טאָן„. מיט
ז י ך.
איינעקלען — טרוו. עקל אײַן, ~געעקלט.
--
שטאַרק פֿאַרמיאוסן. א, עפּעס, אַז מע זאָל אויף
דעם ניט וועלן קוקן. אויך מיט ז י ך.

איינע(

איינעקשנען — [... אַ▯ קשענען] טרוו. עקשן
--
אײַן, ~געעקשנט. דערפֿירן, ברענגען עמעצן
צום צושטאַנד פֿון פֿאַרעקשנטקייט. „מע דאַרף
ניט רייצן זיך מיט אַ קינד און מיט דעם עס א',„.
איינעקשנען זיך — ← דפֿוו. אײַנשפּאַרן
--
זיך. בשום־אופֿן ניט וועלן אָפּטרעטן אָדער
נאָכגעבן. דורכויס באַשטיין אויף עסעס. ניט
אײַנגיין אויף קיין שום הנחה, פּשרה אע. „איך
האָב אים פֿון אָנפֿאַנג געבאָטן גאַנצע דרײַ
טויזנט רענדלעך, און ער האָט זיך
אײַנגעעקשנט — נאַר דעם רינג“ פֿרייד, דער קויפֿמאנן

▯ ,

פֿון ווענעדיג (נאָך שעקספּיר), וואַרשע 1903.
„[דער] חתן האָט זיך אײַנגעעקשנט דווקא, ער
מוז זען די כּלה“, ש. האָראָנטשיק, 'גאָטס
משפּט'. „די שׂנאה צום לעבעדיקן און לײַדנדיקן
ייִד, צו יענעם ייִד וואָס האָט זיך אײַנגעעקשנט
און וויל ניט פֿאַרשווינדן“, צײַט, אין קאַמף
▯אַר אַ ייִדישער מלוכה. “איין שטערן, דער
לעצטער, האָט זיך אײַנגעעקשנט און ניט

געוואָלט פֿאַרלאָשן ווערן", הל, 'דער וואָלף'. אויך: „דער שלאָס האָט זיך אײַנגעעקשנט און וויל ניט זיך עפֿענען" ◻ פֿ: א, זיך וו אַן אייזל, ווי
א קאַפּריזנע כלה, וו אַ בולוואַן.

איינער — דאַטיוו פֿון איינע. ← דוווו. „נור מיט איינר בקשה וויל איך פֿר דיר ביטן", 'משה רבינו בשרײַבונג„ 1750? [חנא שמערוק, גק, No 50]. „תּרי"ג מצוות זײַנען געגעבן געוואָרן צו ייִדן, איז געקומען חבֿקוק און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף א'", תּניא, פֿד. „דער גאַנצער כּעס פֿון די איבעראויפֿגעקלערטע איז נאָר אויף דער א, ייִדישער צײַטונג", ארז, קמ, 23 1868, No. "בײַ א, פֿון די צוויי שוועסטער האָט אָנגעהויבן...", שע, ,ייִנגסטער פֿון די מלכים'.
איינע(ר) — פּרגל: איין, איינס, איינעם.
איינע — א) ווײַבלעך, נאָמינאַטיוו, אַקוזאַטיוו; ב) נייטראַל, נאָמ, און אַקוז מיטן באַשטימטן אַרטיקל. איינער — א) מענלעך, נאָמינאַטיוו (←. איינעם); ב) ווײַבלעך, דאַטיוו.
1. צוו, סוב. ערשטע צאָל אין דער ריי

צאָלן. דאָס וואָס איז מיט איינס ווייניקער פֿון צוויי פֿון צען געבליבֿן איינער. „איינער איז

.

קיינער“, „איינער קאָן קיין מלחמה ניט פֿירן„,
„איינער ווערט קראַנק פֿון איבֿערעסן זיך, דער אַנדערער פֿון ניט דערעסן“, שוו. „אחד איינר. און, ווען מיר דשׂ פֿר שטאַנד האבֿן. דען איז בײַא אונשׂ פֿאשט און, גווישׂ דער רעכטר פֿול קומנטליכר יחוד“, חה אַמשט 1716, יד/א.

איינער און דער אַנדערער; איינע און די אַנדערע. איינער דעם אַנדערן; איינע דער אַנדערער. איינער דעם צווייטן; איינע דער צווייטער. איינער מיט (אָן, צו, קעגן, איבֿער אאַזוו) דעם אַנדערן; מע קען ניט לעבֿן איינע אָן דער אַנדערער. ניט קענען אָנקוקן איינער דעם אַנדערן. פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. אין אַ נויט אַרויסהעלפֿן איינער דעם צווייטן. *טרינקען איינער צום אַנדערן — פֿאַר יעדערנס געזונט

בּאַ .

זונדער. „איינער שרײַט אַהו, דער אַנדערער שרײַט העטיאַ“, שוו. “איינער ציט קיין ליסע

איינע(ר)

(קראָקע, מירע), דער אַנדערער קיין סטריסע (לעמבעריק, ווירע)", שוו. „זיי האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט ביז זיי האָבן ניט געקענט זײַן איינער אָן דעם אַנדערן„, נחב, ,מעשׂה מבעל תפֿלה'. „איך הא[ב] טרערין דריביר גילאזין... דז בעו"ה [בעוונותינו הרבים] דיא משפּחה אַזו גאַר פֿרעמד אניר קיגן דען אַנדרין...„, פּראָגב, 2־3. „הײַנטיקע בעלי־ביתטעס... איינע ערגער פֿון דער אַנדערער", ממוס, ווינטשפֿ.

2. נאָר סוב. א'(ר) אין דער וועלט, א'(ר) אין אַ מדינה, א,(ר) אין טויזנט. א'(ר) אויפֿן אַריד.

י

וואָס מיינסטו, ביסט א'(ר)? קיין איינע(ר) ניט. א'(ר) בײַ טאַטע־מאַמע, א'(ר) און אַ רעכטע(ר). „צוויי איז ווי א'(ר) און א'(ר) איז גאָרניט"; „א'(ר) איז אַזוי גוט ווי גאָרנישט„; „א,(ר) אין פֿעלד איז ניט קיין העלד", שוו. *ניט א'(ר) בײַ גאָט = ניט קיין יחסן, ניט־פּריווילעגירט. פֿיעשטשען זיך ווי א'(ר) פֿון זיבן געבליבן. א'(ר) פֿון פֿאָלק. „גאָט איז א'ר און ווײַטער קיינער„ ל. „נאָר גאָט ב"ה איז באמת נאָר

,

א'ר„, חה. „יודל איז אַ חכם א'ר אין דער

וועלט", ממוס, יודל.

*איינער א י ן איינעם, איינע א י ן איינע(ר) — גאָר אויסגעצייכנט. אַלע פֿון דעם זעלבּיקן הויכן ווערט, הויכער מדרגה, אויסנעמלעכער שיינקייט אע׳ טעכטער איינע אין איינע. תּלמידים איינער אין איינעם, קראַסאַוויצעס (שאָנקייטן) איינע אין איינע. איינער ו ו י דער אַנדערער, איינע ו ו י די אַנדערע — אַזוי ווי פֿריִער, אָבּער אָפּטער לגנאי, בּײַם טאַדלען. בּנים הולטײַעס איינער ווי דער אַנדערער. "שניר, טעכטער — איינע ווי די אַנדערע מיט אייגענע האָר,,, ד. לאַזערזאָהן, דיא קלאָגמוטער, וואַרשע 1889.

3. אַדי. איינציק. וואָס איז בּלויז פֿאַראַן איין עקזעמפּלאַר, מוסטער, מין פֿון דעם. ער האָט מער ווי די איינע טאָכטער (דעם איינעם זון) ניט געהאַט. ,,אָט דער איינער תּלמיד איז דעם רבּין געבּליבּן געטרײַ". ,,נאָר די איינע פֿרוי איז אים געווען אײַנגעבּאַקן אין האַרצן". ,,איך זאָל כאָטש דאָס איינע וואָרט הערן: דושעניו, א גוטע נאַכט" פּל. ,,געשריִען אין הימל אַרײַן: — ,

'תּורה! תּורה!', נישט מער ווי דאָס איינע וואָרט,,, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'. "מער ווי דאָס

איינע קאַפּאָטקעלע אויפֿן לײַב האָט ער ניט געהאַט,,, ממוס, ווינטשפֿ.
מיטן זעלביקן בּ, ווען איינע(ר) קומט נאָכן סובסטאַנטיוו בײַם עמאָציאָנעלן רעדן: שלימזל איינער, מײַן צרה איינע. ,,דערלאַנג מײַנעם אַ שמיצל... מאַכנדיק דערבײַ: אַ אַ אַ, פּגירה איי־ -

נע!,,, ממוס פֿישקע. . בּ5.
4. סובּ. עמעצער. ווער דאָס זאָל ניט זײַן. איינער פֿון אונדז (זיי). *איינער מיט אַ באָרד אַ שיינער = אויך: סתּם אַ ייִד. ,,עס וועט שוין קומען איינער אויף זײַנע ביינער,,, שוו. ,,און, ווען איינר גאַר אוישֿן בלײַבּט, דא איז מחויבֿ דער פּ,,ה צו שיקן,,, תּקק. און, וואו זיך נאַר איינר מעלט פֿון פּראַג...,,, אַשכּנז. ,,איינר האָט זײַנין (חבֿר) אַן גגריפֿן,,, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ,,ט. איינע(ר) אַ — אומבּאַשטימט

ווער (וואָס, ווען) דאָס איז. איינער אַ ייִד. איינע אַ ייִדענע. איינער אַ משולח. איינער אַ פּאַרשוין.

,,איינע אַ ווײַסע... קאַץ... ציט בײַגיק דעם קערפּער“, סעג, קאַפּריזן. *אונדזער איינער = עמעצער פֿון אונדזער גרופּע, חבֿרה אע. ,, איינער גייט צו און טוט אַ פּאָליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן“, שע, מאָטל.

5. אַדי (פֿרגל בּ2). אַזאַ מין, אַזעלכער (אָפּט מיט איר בּײַטעם). מענטש א,, חכם א', קראַסאַוועץ א'. טיפּש א'. חוזק א'. ,,הער נאָר, דו ווייסט כאָטש, דו גרינער אַגרעס א', וואָס איך בּין צו דיר... געקומען?,,, שע, צעזייט און צעשפּרייט. “וואָס פֿאַר אַ שכן בּיסטו מיט מיר, מלמד א, — דו דאַוונסט לעבּן טיר און איך לעבּן אָרון־קודש“, אַר.

6. איינזאַם. עלנט. ניט־חתונה־געהאַט. ,, איינער איז בּלויז טרוקענע בּיינער“, ,,איינער איז ווי אָן ציינער“, ,,איינער שטייט אַליין און פֿאַלט אַליין“, שוו. ,,איינער איז ניט מײַנער, ניט דײַנער, ניט זײַנער“ פֿוול, ווש [איינער און איין

,

נאַר]. ,,איינער מיינט, אַז ער איז אַליין, אָבּער איז מיט זיך אַליין אויך ניט,,, “א'(ר) זיצט אַליין, אָבּער דאָס איז ניט געזעסן נאָר פֿאַרזעסן,,, ווערטל.

איינע(ר) אַ ל י י ן. ← איינינקע(ר).

איינע(ר) אַליין אָן קינד און אָן רינד. איינע(ר) אַליין וו אַ בּוים אין פֿעלד, וו אַ שטיין אין פֿעלד (וואַלד). איינע(ר) אַליין ווי אַ וואָלקאָלאַק, ווי אַ דאָרן, וו אַ דראָנג, ווי אַ האָלץ, וו אַ טעלעגראַף־שטאַנג, ווי אויפֿן (אין מיטן) ים, וו אַ מצבֿה, ווי אין אַ מדבר, ווי אַ מצורע, ווי אַ מוחרם ומין. *גרונם איינער אַליין — שפּאַסיק וועגן עמעצן וואָס האָט ליב זיך אַרויסצושטעלן. איינער אַליין ווי אַ פֿינגער [!] „איבּערלאָזן דאָס קינד איינע אַליין„, ממוס, פֿישקע. "מיטוואָך בּײַנאַכט און שבת־בּײַנאַכט איז אַ סכּנה צו גיין א,(ר) אַליין„, גלייבּעניש. „איז אַזוי דודל געבּליבּן זיצן אין אַן אומבּרחמנותדיקער שטילקייט אַצינד א'ר אַליין", ווײַס, 'דער איבּערגאַנג.. „עס וואָלט איר געווען לאַנגווײַליק צו זיצן איינע אַליין אין שטובּ", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. א'ר־אַ , ק י י ט — „די כּסדרדיקע א'ר אַ'קייט", טמז, 1967 I 18.

איינע(ר)־בּיינע(ר) — דער. מצ נבֿ.

קינדערשפּיל אין ניס. אַלע שטעלן אײַן אין קאָן
ניס (אין אַ טעלער אָדער אין אַ גריבל). איינער
מאַכט אַ גאַנג. ער שיסט אַרײַן עטלעכע ניס
אין דער קופּע וואָס שטייט אין קאָן און אויב
אין דרויסן קומט אַרויס אַן אומגראָדע אַדער
גראָדע צאָל (ווי מע נעמט אויס) — געווינט ער.
איינערגערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געערגערט.
--
1. דערפֿירן עמעצן צו גרויס ערגערניש.
אַרײַנברענגען עמעצן אין מצבֿ פֿון כעס פֿון
עגמת,
נפֿש אע. א אַ פֿרײַנד מיט ניט קיין שיינע
,
מעשׂים. 2. מאַכן ערגער ווי ס'איז פֿריִער
געווען. א, אַ סיטואַציע. „ער האָט אַליין
אײַנגעערגערט די באַציאונגען מיט אונדז“. אויך
מיט ז י ך.
אײַנערדן —. טרוו. ערד אײַן, י.,געערדט. נעאָל.

אײַנפּאַזעווען

פֿאַרבינדן מיט דער ערד. א, דעם בליצן־
שלינגער. א, די אַנטענע.
איינערזײַטס — אַדוו דטשמ. נר. פֿון איין

זײַט פֿון איין שטאַנדפּונקט.״ער ברענגט א,

׳

מיינונגען פֿון אייניקע געלערנטע און
פּראָפֿעסאָרן, און אַנדערזײַטס...,,, צש, טאָז, וואַרשע
3 1929, No. ,,א, האָבן ייִדן אָנגעהויבן מער
פֿילן דאָס באַדערפֿעניש, די נוצלעכקייט פֿון
בילדונג...״, קמ, 1865, No 19.
אײַנערכן — [... ערעכן] טרוו. ערד אײַן,
~געערכט. (סוחריש) אָפּשאַצן לפֿי־ערך דעם
ווערט פֿון עפּעס. א, אָן מאָס און וואָג. א,
אויפֿן קוק. א, אָן (מיט) אַ פּראָכקע. א, די
סחורה מער ווי זי באַטרעפֿט אויף צום אמת(ן).
איינערל — דאָס, ־עו איין רובל. ,,צענערלעך
רויטע פֿינפֿערלעך בלויע, דרײַערלעך — גרינע

׳

און א'עך געלע,,, שע, פֿונעם יאַריד. [די קאָלירן
פֿון צאַרישן פּאַפּירגעלט.]
איינערליי — 1. אַדי. אינוואַריאַנט. אַרכ. מייִ,
לד און אַ צאָל אַנדערע מזרחדיקע ריידענישן.
אינגאַנצן גלײַך, עגאַל; וואָס איז פֿון איין מין.
דאָס זעלביקע. וואָס איז אַלצאיינס. ,,ס'איז
מיר א, צי איך זאָל בלײַבן צי איך זאָל
אַוועקפֿאָרן״, רייד (שאַוול). ,,צווייא לײַט וואשׂ איינר
לייא נאמן האבן דערפֿן זיך ניט מיט אַנדר

(משדך) זײַן“ [לויט דער צוואָה פֿון ר, יהודה חסיד], ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד פּפּאָ תּקנ,,ט.

,

,,ווען מיר די גאולה זוכה זײַן זוא ווערין מיר ווידר איינר לייא לשון רידן במהרה בּימינו אָמן,,, י. מאַרשן, שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תּע,,א. ,,גאָר אַלץ... א, באַגעגעניש דעם ערלעכן און דעם רשע“, מס, קהלת תּקע,,ט, ט, 2. ,,אַ בּשׂר־ודם מיט א, באַדערפֿענישן, און דאָך ניט ווי אַלע,,, ממוס, שלמה. ,,אים איז יעצט א, געווען וואָס פֿאַר אַ מיידל ער ווער דאָ זען,,, יהל, די ערשטע ליבּע, וואַרשע 1881. ,,ווי א, עס זאָלן ניט זײַן די פּראָצעסן וועלכע מיר רופֿן אָן לעבּן...,,, זשיט II ו, נ,,י 1917. ,,צי איז דײַן פּנים א, מיט מײַנעם?,,, םוצ, וואַלדיקס.

2. אַדוו. אַרכ. אויפֿן זעלביקן אופֿן. סײַוויסײַ ווי דאָס זאָל ניט זײַן. ,,אבּר איינרלייא וויל איך דיך ואר ורוגן [פּרעגן]...,,, בּבֿא־בּוך, 164.

,,איך האבּ איינרלייא גהערט...,,, ספֿר משליס,
- - 1, I, נב/א פּיל שטודירט אונ,
פּ דמ 8
...,, .

גלערנט דאָך פֿעלט אים איינרלייא דאָשׂ ער קיין
האָף צוכט האָט ניט גלערנט,,, וואז דאָז רעכט
איין ענד האָט, [אָפֿנבאַך], יאָר?

3. אַרכ סובּ. עפּעס וואָס. ״ווער איינרלייא
הויט אישׂט שוויאר איך בײַא גוט. דען זול
מן טוט שלאָגן נון שטרײַט זער ווען עז טוט
נוט״, שמואל־בוך, סטראָפֿע 227.

־קייט — ,,... דער ווידערשפּרוך שטעלט
ניט פֿאָר מיט זיך אויך אַזאַ תּוכהאַפֿטע און
אימאַנענטע באַשטימונג ווי די א',,, זשיט II ־ ,
נ״י 1917. ־איק — אדי. אַ גלײַכגילטיקע,
א'יקע באַציאונג. ־איקייט.

אײַנפּאַזעווען — טרוו. ־זעווע אײַן, ־ י.,

געפּאַזעוועט. פּפּ: ~פּאַזעווען. (סטאָליערײַ)

איינפּאַטענטיק

אײַנפּאַסן, אַרײַנפּאַסן דינע ברעטלעך אין אַ
טיר, בכלל אין אַ גערעם.

איינסאַטענטיק — אַדי. (אין
אומאָפּהענגיקער ליטע צווישן דיביידע וועלט־מלחמות)
וואָס האָט איין פּאַטענט [מיטן רעכט צו האָבן
נאָר אַ באַגרענעצטן סכום סחורות]. א'ע קרעמ..

לעך און צווייפּאַטענטיקע קראָמען.
איינפּאַטשן — טרוו. פּאַטש איַן, ~געפּאַטשט.
-
1. צעפּאַטשן, צעשלאָגן מיט די הענט. „איך וועל אים מאָרגן די פּיסקעס א, דערפּאַר“, אַש, מאָטקע גנבֿ. 2. איַנקנעטן, איַנדריקן. (בײַ פֿאַרשיידענע מינים אַרבעט) מיט ביידע הענט אָדער מיט איין האַנט קלאַפּן, אויסגלײַכן, מאַכן עס זאָל זיַן אין דער פֿאָרעם וואָס מע וויל. א, קאָטלעטן. א, ליים. א, אַ קישן. 3. איַנקלאַפּן וועש. גיין צוס טײַך און א, גרעט אויף אַ שטיין. 4. פֿאַרטינקעווען. א, אַ לאָך אין וואַנט.
5. מקבל קנין זיַן, דורכקומען א◌ן אַ מסחר אע. [ביידע צדדים פּאַטשן איינער דעם אַנדערן אַריַן אין די הענט און נאָך דעם דריקן זיי זיך די הענט.] א, דאָס געשעפֿט און זאָל זיַן מיט מזל. “מ'האָט געמוזט האַנדלען מיט דעם רוצח און א, מיט אים אַ מקח“, באַש פֿאָר, 1960

,

2 XII. אויך מיט ז י ך — א, זיך אין הינטן און שרײַען בראַוואָ. ־עכץ. ־עניש.
איינפּאַטשקען — טרוו. ־קע איַן, ~
גע־־
פֿאַטשקעט. 1. איַנפֿלעקן, איַנשמירן,

אײַנשמוציקן, אײַנבּרודיקן (מיט די הענט). א, די קליידער. א, דאָס נײַע קליידל. 2. באַפֿלעקן אַ גוטן נאָמען פֿון עמעצן. א, עמעצנס רעפּוטאַציע. א, די מיינונג וואָס דער עולם האָט וועגן פֿאָרזיצער. מיט ז י ך — זיך א, די הענט. זיך א, איבער אַן אַפֿערע. "... מיר וועלן שוין זיך מער ניט לאָזן א, פֿון דעם כּל־בּוניק,,, א. י. סאַפּיר אויס מינסק, חטאת הקהל..., ווילנע 1881. ־עכ‌ן. ־עניש.

איינפֿאַ אַצעווען — טרוו ־צעווע אײַן, ~ געי .

-

פֿאַיאַצעוועט. אונטערגראָבן דאָס ערנסטע און ווערדיקע מיט שטיק פֿון קלאַון. א אַ רעדע.

,

א אַ ראָלע.

,

איינפֿאָיען — טרוו ־יע אײַן, ‌ ,געפֿאָיעט.

— .

1. דזוו אָנפֿאָיען, געבן אַ בּהמה גענוג צו טרינקען. א, די פֿערד. 2. אײַנשיכּורן. א, די כלאָפּעס, זיי זאָלן דערנאָך פֿאַר דעם אָפּאַרבעטן.

־עניש.

איינסאָליטורן — טרוו ־טור איַן, ..,,

געפּאָ—

.

ליטורט. פּפֿ: .־,פּאָליטורירן. איַנשמירן, איבערציִען מיט פּאָליטור (אָבער ניט פֿאַרענדיקן די אַרבעט). א, מעבל און לאָזן עס אָפּטריקענען, דערנאָך פּאָליטורירן וויַטער.

איינסאַליען — טרוו ־ליע איַן, י.,געפּאַליעט.

—

.

1. יַנהייצן מיט אַ סך האָלץ אע. א, דעם אויוון ווי אויף צו כשרן. 2. שטאַרק יאָגן (פֿערד אע), זיי זאָלן זיך דערשוויצן, זיך צעהיצן. יאָגן די פֿערד משוגענערוויַז, א, זיי —עניש.

.

איינפּאָליען — טרוו ־ליע איַן, ~געפּאָליט.

--

איַנרייניקן פֿון ווילדגראָז. א, דעם גאָרטן.

איַנפּאָלירן — טרוו. ־ליר איַן, ~געפּאָלירט.

אָנהייבן פֿאָלירן. מאַכן אַ ביסל שיַניק, גלאַנציק. א, מעבל. פֿיג. א, די פֿאָרשטעלונג. ־ונג.

איינסאָמאַדע(ווע)ן — טרוו ־דע(ווע) אײַן, —
.
~פֿאָמאַדע(ווע)ט. אײַנשמירן מיט פּאָמאַדע.
א, די האָר.
איינפּאַמעלעכן — טרוו ־לעך אײַן, ~(גע)־ —
.
פּאַמעלעכט. מאַכן עס זאָל זיך באַוועגן אַ ביסל
פּאַמעלעכער. א, דעם זייגער וואָס לויפֿט. א,
דעם אויטאָ. א, דעם טעמפּאָ פֿון....
איינסאָמפּען — טרוו. ־פּע אײַן, ~געפּאָמפּעט.
־
1. אַרײַנפּאָמפּען. אָנפֿילן עפּעס מיט פֿליסיקייט
דורך אַ פּאָמפּע. א, וואַסער אין ציסטערנע.
2. אַרויספּאָמפּען. אײַנזויגן, אַרויסציִען
פֿליסיקייט מיט אַ פּאָמפּע. א, וואַסער פֿון טײַך.
3. אַרײַנבלאָזן מיט אַ פּאָמפּע. א, לופֿט אין
די רעדער. 4. אַרײַנגעבן, אַרײַנברענגען. א,
אַ פֿאַרמעגן אין אַ נײַער אונטערנעמונג. א,
פֿריש בלוט אין אַן אָפּגעשוואַכטער
אינסטיטוציע. 5. אײַנמאָנען. א, די שטײַערן. ־עניש.
איינסאַנעלירן — טרוו ־ליר אײַן, ~
פּאַנע—
.
לירט. נעאָל, אווו. אַרײַננעמען אין אַ פּאַנעל,
אין אַ רשימה וואָס פֿון איר דאַרף מען

אויסקלײַבן אַ צאָל נעמען. א, אויך די וואָס זײַנען
אין עלטער 18—21.
אײַנפּאַנצערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געפּאַנצערט. 1. אָנטאָן אַ פּאַנצער. בכלל
באַוואָרענען מיט שוץ־מאַטעריאַל קעגן הייס אָדער קאַלט
געווער אע. א, די ברוסט. א, דעם וואָגן, דעם
אויטאָ אע. 2. פֿאַרשטאַרקן, מאַכן
אומצוטריטלעך. א, די פֿאַרטיידיקונגס־ליניע, מאַכן זי
שטאָל און אײַזן.
מיט ז י ך — א, זיך מיט גוטע אַרגומענטן.
,,וואָלטן יענע ערשטע ייִדן געוואוסט ווי זיך
אײַנצופֿאַנצערן קעגן דער שטאַרקער
אַסימילאַציע...,,, הר□ שורין פֿאָר, 1964 □י 15.
שפּאַ,
סיק: א, זיך אין אַ קאָרסעט. —ונג.
איינפּאַנקעווען — [נ פֿון שטאַם איז ווייך]
□-
טרוו. ־קעווע אײַן, ~געפּאַנקעוועט.
אײַנקעכלען; אײַננעמען מיט לאַסקע, מתּנות. א, אַ קינד
מיט צוקערלעך. אויך מיט ז י ך — א, זיך
מיט שאָקאָלאַד(ע).
אײַנפּאָסטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)
פּאָסטירט. באַשטימען, אַוועקזעצן עמעצן אויף
אַן אַמט, אַ פּאָסטן. א אַ קרובֿ פֿאַרן געהילף.

,

-

א, עפֿעס אַ לאַ־יוצלח. —ונג.

אײַנפֿאַסירן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. פֿאַסירט

.

אײַן, ~(גע)פֿאַסירט פֿטמ. טרעפֿן, געשען,

.

פֿאָרקומען. דזוו אויספֿאַסירן (. 301). „וואָס

קען אַלץ א, אין איין טאָג!“.

איינסאַסמעדיק — אַדי. וואָס איז פֿון איין

פֿאַסמע. וואָס האָט נאָר איין פֿאַסמע. א, געוועבֿ.

גרויע א'ע לאָקנס.

איינסאַסן — טרוו. פֿאַס אײַן, ~געפֿאַסט.

--

1. מאַכן עס זאָל זײַן אַקוראַט צו דער מאָס.

א אַ בילד אין אַ ראַם. א אַ דריל אין געשטעל.

, ,

א, האָלץ (אײַזן אאַזוו) אין וואַרשטאַט. א, דעם

קאָסטיום צו דער טאַליע (פֿיגור). 2. מאַכן

אײַנפֿאַקן

עס זאָל זײַן פּאַסיק. א, דעם ישיבֿה־בחור צו
די בעלי־בתּים (בשײַכות מיט עסן טעג). א, די
סטאַנציעס פּ[אַר די בחורים. „איך האָב מיר
געוואָלט א, בײַ וועמען איך זאָל אין ווין
סטאַנציע האָבן„, ספֿר מגילת איבֿה, לובלין 1895.
מיט ז י ך — „די גריבעלעך און די בערגלעך
פֿון [איין שטיקל האָלץ] זאָלן זיך א, מיט די
שפּיצן און טאָלן פֿון דעם אַנדערן [שטיקל]“,
דר, אב. קאַספּע פּיזיק, נ“י 1916. „... אויף

,

דער גאַנצער ברויט־פּראָדוקציע, וועלכע האָט
זיך געמוזט א, אין דער ראַציאָן־סיסטעם“, ה.
פֿראַנק דרײַ יאהר פֿון ביאַליסטאָקער
קאָנסוסקאָאָפּעראַציע, ביאַליסטאָק 1918. „[ער] האָט
ביסלעכווײַז גענומען ◌אַרלירן די שפּיצן וואָס
האָבן ביז איצט אים נישט געלאָזט זיך א, אין
קיין געזעלשאַפֿט„, אָפּאַ, ,זשידאָווקאַ'. ־ונג.
־עכץ. ־עניש.
איינפּאַסעווען — טרוו ־סעווע אײַן, ~
גע—
פֿאַסעוועט. 1. אײַנגאַרטלען, אײַנשטײַפֿן מיט
אַ פּאַס(יק). א, די הויזן. 2. מאַכן פּאַסן אויפֿן
לײַב מיט אַ קאַנטשיק, בײַטש אע. א, דעם רוקן,

דעם הינטן. אויך מיט ז י ך.
איינסאַסקוד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע אײַן, ~

געפּאסקוד(י)עט. פּפֿ. ־קודזיען ־קודזשען.
—
מאַכן מיאוס, פּאַסקודנע, עקלדיק. אײַנחזירן.
שטאַרק אײַנבּרודיקן. א, די קליידער, די דירה
אאַזוו. א, עמעצנס נאָמען. א, אַן אידיי(ע),
אַן אונטערנעמונג. מיט ז י ך.
איינפּאַסן — טרוו. פּאַפּ אײַן, ~געפּאַפּט.
-
אײַנשמירן מיט פּאַפּ(ע). א, די זוילן און זיי
אײַנקלעפּן.

איינסאָסן — אוטוו. פּאָף אײַן, ~געפּאָפּט (זן

געפּאָפּן, פּאַראַלעל צו: ~געשלאָפּן).
אײַנשלאָפּן (אומאיידל אָדער גוטבּרודעריש). אַזוי
א אַז כאָטש טראָג אַרויס דאָס גאַנצע הויז.

געשמאַק א, בײַ אַ נודנער לעקציע. „— וועלן

מיר ניט גיין אין קינאָ? — בּחור, דו ווייסט דאָך
א, דערבּײַ", ש. קאָשעווניק איבּז, בּאַריקאַדן אין
ווערינג, מאָסקווע 1931 פֿאַרוואַרפֿן דעם שווערן
. „
קאָפּ אַהינטער, אים אָנשפּאַרן אָן דער וואַנט
און א',,, [בּ. דעמבּלין], פּאָר, 14 1960 II.
־עכץ. ־עניש.
איינפּאַקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנפּאַקן. 2. דאָס אין וואָס
מע פּאַקט אײַן. אין אַן א, פֿון זעגשפּענער פֿון
,
צעלולאָאיד. „שטיקלעך פּאַפּיר פֿון
שאָקאָלאַדא',,, סעג, געבּרענטע טריט. 3. דיקע
אײַנכּאַנדאַזשירונג. "האַלטן דעם קראַנקן פֿוס אין
וואַרעמקייט, לייגן הייסע קאָמפּרעסן, מאַכן א'ען,,,
פּגעז, ווילנע 1933, No ll.
איינפּאַקירן — טרוו ־קיר אײַן, ~געפּאַקירט.
— .
(סוחריש) זאָרגעוודיק אײַנפּאַקן, גוט
אײַנוויקלען. א, גלאָזוואַרג. מיט ז י ך — „דו זאָלסט
זיך שוין זען אײַנלאַדען, צוגרייטן דעם בּריוו
צו שיינדלען און א, זיך", ש. בּעקערמאַן,
טרײַער משרת, וואַרשע תרמ"ג —ונג.

.

איינסאַקן — טרוו. פאַק איַן, ~געפּאַקט.

-

1. אַרומוויקלען מיט עפּעס, אַרומבינדן (צו טראָגן, צו באַהאַלטן אע). א, די ביכער און זיי

איַנפּאַקן זיך

-

מיטנעמען. א, אַ פּעקל און אָפּשיקן מיט פּאָסט.

2. איַנלייגן (אַקוראַט) אין אַ זאַק, פּאַק, וואַליזע, קאַסטן אע. א, סחורה אין קאָסטן. א, דעם קאַסטן סחורה. „אַלזו האבּין מיר דיא סחורות אַלי תּוך פּאַקין אין גיפּאַקט דאשׂ זיא האבּ וואָלין להמבּורג שיקן", גה, 220. „ קליידער און אַנדערע קעסטלעכע זאַכן טעטן זיי א'... און זי טעטן עס בינדן אויף אַ פֿערד„, משל הקדמוני, אוסטרהא 1808. „דערנאָך זאָלסטו נעמען אַלע דיַנע טיַערע כּלים און זאַכן און א, אין זעק אַריַן", איין גאַנץ ניַיע מעע)ה פֿון דעם רעבּין ר, העשיל, לעמבּערג 1891. „שטאַרק באַשעפֿטיקט מיט א, די קלומקעס", ממוס, ווינטש .

3. איַנבּינדן. „די בלעטער געגילט... אין

לײַוונט אײַנגעפּאַקט„, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844.

*א, די ב ע ב ע כ ע ס = אויך: זיך גרייטן אָפּצוטראָגן זיך, צו מאַכן פליטה.

 א, דאָס גאַנצע גע ש ע פ ט (די קראָם, דעם וואַרשטאַט) = ליקווידירן. *א, דעם שׂ כ ל = (וויציק) ניט האָבן אים מיט זיך. בײַ טענדלאַו, 137: „ער האָט זײַן שׂכל מיט אײַנגעפּאַקט„ — כלומרשט אַרײַנגעפּאַקט מיט סחורה און אַוועקגעשיקט.

אײַנפּאַקן זיך — ← דפּוו. 1. אײַנפּאַקן -

זאַכן פֿאַר זיך. „האָבן זיי זיך אײַנגעפּאַקט און זענען אַוועק איבער דעם גרענעץ„, אַמעריקאַנישע גליקן וואַרשע 1895. 2. ניט אַרײַנמישן זיך. זיך א, און אָפּשווײַגן דעם גאַנצן אָוונט.

3. זיך אָפּטראָגן. זײַן (זיך פֿילן) אָ געענדיקטער, אַ ליקווידירטער. „ברודערקע, קענסט איצט זיך א', דו זעסט דאָך וואו דו האַלטסט“.

4. זיך גרייטן צו שטאַרבן.

־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) — „איבערבײַטן אַ האַנט פֿון דעם מיירע־האַלטער אָדער פֿון דעם א'ער [דאָ: ווער עס זעצט אַרײַן אין אויוון]„, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע

1878. ,,אין אַ סקלאַד פֿון בּרעטער הינטערן וואַרשטאַט פֿון א'ער“, איבּז, בּרונאָ אַסענסקי,

ֿ

-

דער מענטש בּײַט די הויט, מינסק 1936.
־ערײַ.
איינפּאַקעווען — טרוו ־קעווע אײַן, ~
גע—
פֿאַקעוועט. דזוו אײַנפּאַקן (בּײַ אַ דויערדיקן

פּראָצעס). “דער קלאַפּן זיך על־חטא... מע זאָל קענען דאָרטן מער א',,, ר, יעק מדובּנא, משלי חכמה, ווילנע תּר,,ן. ,,הייסן מײַן דינער ער זאָל מיר א, מײַנע זאַכן אין טשעמאָדאַן“, ש. בּעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1884. ,,קיין עין־הרע אַ גאַנץ בּעלי־בּתּישקייט... א', אײַנבּינדן, נישט פֿאַרגעסן קיין קלייניקייט“, שע, גלות דאַטשע. מיט ז י ך — ,,א.ר וועט זיך א, און פֿאָרן מיט זיסעלען,,, ספּ, סודות.
איינפּאַראָנדקעווען — אוטוו & טרוו. ־

קעווע אײַן, ~(גע)פּאַראָנדקעוועט. אײַנשטעלן

אַן אָרדענונג, אַ פֿאַראָנדעק (איר בײַטעם). א,
די בעלי־בתּישקייט. אַזוי אויך די פּפֿ:
~פֿאַראָנדזען, ~פֿאַראָנדיקן, ~
פֿאָראַדקעווען. „די וועלט איז שוין... גוט

1193

אײַנגעאָרדנט (דאָס הייסט גוט
אײַנגעפֿאַראָנדזעט)„, אמד, דער אונצײַטיגער בעזוך, ווילנע
1878. „מײַן רחמנות איז... אײַנגעפֿאַראָנדיקט
וואו עס בעט זיך“, מש“ש מפּאָניעוויעז, דער
רחמנות, ווילנע 1882. „עפּעס וואָס
אײַנגעפֿאָראַדקעוועט — נעמען מיר זיך פֿאַר דאָס
איבעריקע„, וו. סטאַווסקי, איבז, סטאַניצע, מינסק
.1932
איינפּאַראָשען — ← אײַנפּראָשען.
--

איינפּאַרווירן — טרוו. ־וויר אײַן, ~(גע)
פּאַר־־

ווירט. שפּאַ (אין אַרגענטינער קאָלאָניעס): ͏ ͏ .
־a͏ר][a͏]. אײַנלייגן תּבֿואה אין אַ סטויג.
„אויסמאָנאָטאָנעווען, א', צו דעם דאַרף מען אַ
סך הענט„, קלמן פֿאַרבער, 'דערגרייכט זײַן

ציל, [אַנטאָלאָגיע פֿון ייִד, ליט, אין אַרגענטינע, בּ,,א 1944].

איינפֿאָרונדזען — טרוו. ־דזע אײַן, ~

געפֿאָרונדזעט. דזוו אײַנפֿאַראָנדקעווען.

אײַנאָרדענען. ,,עס האָט עס איינע מעכטיקע האַנט אַלעס דיזעס אײַנגעאָרדנט (אײַנגעפֿאָרונדזעט)“, אמד [ייִבּל I □ יXXX].

אײַנפֿאַרטאַטשע(ווע)ן — אוטוו & טרוו □ ־טשעווע אײַן, ~געפֿאַרטאַטשעוועט. אָנהייבּן טאָן, מאַכן אויף אַ ניט־פֿאַכמענישן אופֿן, פֿאַרטאַטשנע. א, בּײַם צושנײַדן און קאַליע מאַ□ן. א אַ טײַערן מלבּוש. מיט ז י ך — זיך צו,

געוואוינען צו זײַן אַ פֿאַרטאַטש. ,,ער האָט זיך שוין אײַנגעפֿאַרטאַטשעוועט און פֿון אים וועט קיין בּעל־מלאָכה ניט אַרויסקומען,,.

איינפֿאַרטייאיש — אַדי. סאָוו. וואָס האָט נאָר איין פֿאַרטיי. וואָס אין דעם בּאַטייליקט זיך נאָר איין פֿאַרטיי. אַן א'ער רעזשים. א'ע וואַלן.

איינפֿאָרן — טרוו. פֿאָר אײַן, □ ..,געפֿאָרט.

-

1. אײַנשטעלן אין פּאָרן, פּאָרלעכװײַז. א, די קינדער, פּאָר צו פּאָר. 2. צונויפֿפֿירן אַ שידוך. א, די געראָטענע בחורים מיט מײדלעך פֿון רײַכע הײמען. „װען זי האָט געשיקט אַ לערער מיט אַ לערערין אין אַ שטעטל, האָט זי געהאַט אין זינען זײ אײַנצופּאָרן“, רײד (קאָװנע). *א, שקר מיט שלימזל = אױך: צונויפֿבינדן דאָס פֿאַלשע מיטן אומגעראָטענעם. 3. אײַנפֿירן, אײַנשטעלן אַז זאַכן זאָלן זיך פּאַסן אײנע צו דער אַנדערער. א, אין אױסשטעל־פֿענצטער אײבערהעמדער מיט שניפּסן. מיט ז י ך ־ונג.

־עכ ן. ־עניש.

אײנפּאַרען — טרװ ־רע אײַן, ~געפּאַרעט.

—

פּפֿ: ~פּאַרעװען. 1. דורכנעמען מיט פּאַרע. מאַכן אַז פּאַרע זאָל זיך אײַנזאַפּן אין עפּעס. א, אַ מאַנטל פֿאַרן רײניקן. 2. באַגיסן אָדער אַרײַנגעבן אין זודיק װאַסער. א, די טײבלעטלעך, די טײזעקעלעך. 3. לאָזן אונטער דער װירקונג פֿון פּאַרע. א, די װאָס זיצן אױף דער אײבערשטער פּאָלע אין באָד. א, אַ פֿינגער, דער בלאָטער זאָל פֿלאַצן. מיט ז י ך — טרינקען הײסע טײ און זיך א'. א, זיך אין

באָד און כאַפּן אַ פֿאַרקילונג ־עכץ.

·

־עניש.

אײַנפּדיונען

אײַנפּאָרען — טרוו. ־רע אײַן, ~געפּאָרעט.
במקום־ווערב פֿאַר אײַנפֿרעסן, אײַנזויפֿן אע. ער
האָט אײַנגעפּאָרעט אַ טאָפּ קאַרטאָפֿל פֿאַר פֿינף
זייערע. א, ברויט (פֿלייש) פֿאַר דרײַ אירע.
איינפּאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אײַן, זיך
־

 ,געפּאָרעט. 1. פֿאַרטיק ווערן מיט אַ סך
אַרבעט (וואָס געדויערט לאַנג). א, זיך אין קיך
ערשט צום ליכט־בענטשן. א, זיך מיט די אַלע
שאַלאַמויזן. „זי האָט זיך אײַנגעפֿאָרעט מיט די
וואַרעניקעס און זיך געשטעלט הערן...“, ל.
רעזניק איבז, יאַ, 'נאָך צוויי האָזן, [סאָון,
אויסגאַבע פֿון יאַ'ס ווערק, ב I]. „סײַווי איז אים
איינעם אַליין גאָרניט מעגלעך זיך א, מיט דער
גאַנצער אַרבעט אין קוזניע„, א. האָלאַווקאָ,
פּראָלאָג, קיִעוו 1935.
2. זיך ספּראַווען. גובֿר זײַן אַ שווערע
אַרבעט אָדער אַ קעגנער. “ער האָט געטראַכט, אַז

ווען ער וועט נאָר א, זיך מיט די פּויערים, וועט
ער פֿאָרן אין אורלויב,,, י. אָפֿע, אין קעסלגרוב,

מאָסקווע 1929. ,,איך האָב... בּרייטע
פּלייצעס... און איך פּאָרע זיך איַין... מיט די
פֿינף־פּודיקע זעק,,, א. אַבּטשיק איבּז, איך וויל
לעבּן, קיִעוו 1936. “פּאָרעט זיך איַין מיטן
דיַיטש און קומט צו פֿאָרן, אַזעלכע דאַרפֿן
מיר האָבּן,,, יוינע סטעלמאַכ, אַפֿ דאָרעמ־אוראַל,
מאָסקווע 1947.

איַינפּאָרפּלען — טרוו. ־פּל איַין, י.,
געפּאָרפֿלט. איַינדרייען. איַינפּלאָנטערן.
איַינפֿעסטיקן. איַינטוליען. א, דעם דראָנג אין זאַמד.
געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך מיט אַ מויד
און ניט קענען זיך אויספּאָרפּלען. ־עניש.

-

איינפּאַרסומירן — טרוו. ־מיר איַין, ~(גע)־
.
פֿאַרפֿומירט. 1. איַינשפּריצן מיט פּאַרפֿום. א,
דאָס טיכל. א, די האָר. 2. פֿיג. בּאַמיִען זיך
צוצוגעבּן אַ פֿיַינערן טאָן (אין שריַיבּן, ריידן),

איר. א, גראָבקייטן און עם־הארצות מיט '
פּילאָסאָפּישע, באַטראַכטונגען. מיט ז י ך. ־ונג.
אײַנפּאַרצעלירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע)־
פּאַרצעלירט. אײַנטיילן אין באַזונדערע
קלענערע שטחים ערד. א, צווישן ערדלאָזע פּויערים
די קאָנפֿיסקירטע (נאַציאָנאַליזירטע) פּריצישע
גיטער. ־ונג.
איינפּאָרקען זיך — דזוו אײַנפּאָרען זיך,
--

בּ .
איינפּאַרשיווען — טרוו ־ווע אײַן, ~(גע)־
—
פֿאַרשיוועט. סל. גראָב. מאַכן עקלדיק,
אָפּשטויסיק. א, די גאַנצע פּאָדלאָגע מיט מייקעכץ.
איינפּאַשן — טרוו. פּאַש אײַן, ~געפּאַשט.
-.
אײַנקויפֿן אַ געגנבֿעטע זאַך. א, צירונג.
איינפּאַשען — טרוו ־שע אײַן, י.,געפּאַשעט.

-
—
אײַנהאָדעווען אויף אַ פֿאַשע. פֿעט מאַכן. א,

דאָס לאָשיקל. א, גענדז אויף שמאַלץ.   מיט
ז י ך — א, זיך און קריגן אַ בײַכל.
איינפּדיונען — [... פּידיענען] טרוו. פּדיון
-
אײַן, ~געפּדיונט. אײַנלייזן. א, אין איין
זונטיקדיקן טאָג מער ווי אין די אַלע טעג פֿון
דער וואָו.

איינפּודיק

איינפּודיק — אַדי. 1. וואָס וועגט אַ פּוד
(ררסישע פֿערציק פֿונט). א'ע זעקלעך. 2. (
רעלאַטיוו) שווער. שלאָגן מיט א'ע פֿויסטן.
אײַנפּודלען — טרוו. ־דל אײַן, ~געפּודלט.
אײַנקעמען אַ פֿריזור מיט לאָקן פֿרויען
פֿאַר.
נעמען זיך מיט א, די האָר. אַ גאַנצע מאַשין
אײַנצופּודלען די האָר. מיט ז י ך.
איינפּודערן — סרוו ־ער אײַן, ~געפּודערט.
—
.
אײַנשיטן, באַשיטן מיט פּודער. א, דאָס נעזל.
א, דעם האַלדז. “קעם ווײַטער, קרויז ווידער
די לאָקן און פּודער די בעקעלעך אײַן”, סעג,
קאַפּריזן. מיט ז י ך. ־ונג.

איינסוטען — טרוו. ־טע אײַן, ~געפּוטעט.
-
.
סל. אײַנפּלאָנטערן. א, עמעצן אין אַ נעץ.
איינסוטערן — טרוו ־ער אײַן, ~געפּוטערט.
—
.
1. אײַנשמירן מיט פּוטער. צוגעבן (מער) פּוטער. א, טייג. מער א, דעם פּאַנקוכן. א, די המוציא. 2. געווײַנלעך פּיג. מאַכן אַז עמעצער זאָל ווערן פרײַנדלעך, צוגעלאָזן. א, דעם קנעפּל מיט כאַבּאַר. א, די מרשעת מיט קאָמפּלימענטן.
איינפּויקן — טרוו. פּויק אײַן, ~געפּויקט.
-
1. אײַנקלאַפּן אין אַ פּויק. א, אַ מאַרש.
2. מיט אַ געטומל לאָזן וויסן, מודיע זײַן. א, אַ נײַס איבּערן שטעטל. 3. אַרײַנהאַקן אין קאָפּ מיטן אײַנחזרן הויך אויף אַ קול. א, די אַלע נעמען און דאַטעס פאַר אַן עקזאַמען.
־עכץ. ־עניש. ־ער — (טשערנאָוויץ) ספּעצ פּריוואַטער לערער, וואָס גרייט צו אַ שוואַכן תּלמיד צום עקזאַמען.
איינסוכן — טרוו. פּוך אײַן, ~געפּוכט. מאַכן
-
עס זאָל פאַלן פּוך. אויפשלאָגן די פּערענעס

און א, דאָס גאַנצע צימער. "ביסט איינגעפּוכט
געוואָרן, באַרשט אַרום די קליידער דיינע".
איינפּול(י)ען — טרוו ־ל(י)ע איין, ~
געפּו—   .
ל(י)עט. איינשטויבן. א, די קליידער ביים
פֿאַרן פֿער אַקס. מיט ז י ך ־עניש.

.
איינפּונקטאָווע — אַדי. וואָס איז דאָס
דינסטע, קלענסטע ביי אַן איינגעשטעלטער מאָס.
א'ע טשוועקעלעך. א'ע פּלאַסטינקע. „טו מיר
אַקאָרשט אַ וואָרף אַן א, שפּאַציע [זעצעריי]",
י. ליובאָמירסקי איבז, ב. גליעבאָוו, דער שניפּס,
מאָסקווע 1932.
איינפּונקטיק — אַדי נעאָל. וואָס האַט נאָר
(איז נאָר פֿון) איין פּונקט. א'ע פֿאַרטיידיקונג.
א'ער סדר־היום.
איינפּועלן — [... פּויעלן] טרוו. פּועל איין,
-
~געפּועלט. דזוו פּועלן & אויספּועלן. א,
אַ טובֿהלע.
איינפּוצן — טרוו פּוץ איין, י.,געפּוצט.
--
1. אויספּוצן (אי אַ ביסל, אי ווי געהעריק).

א, די שיך, די מלבושים. 2. רייניקן און שענער מאַכן. מאַכן יום־טובֿדיק. א, די שטוב מיט בלומען און בילדער. 3. (כּלומרשט) מאַכן דערהויבענער, שענער. א, די רייד מיט (צעדרייטע) פּסוקים. א, אַן אַרטיקל אין מליצה. 4. אָפּנאַרן, באַשווינדלען, באַגנבֿענען. א, דעם שותּף. מיט ז י ך.

1194

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

איינפּוקלען — טרוו. ־קל אײַן, □,געפּוקלט.

□ ־

אײַנבייגן, אײַנהויקערן. א, דעם רוקן, די פּלייצעס. א, אַ בלעך. מיט ז י ך — זיך א, און אויסשטרעקן אַ האַנט נאָך אַ נדבֿה.

איינפּורקען — טרוו. ־קע אײַן, ~געפּורקעט.

□ ־

אײַנשטופּן. אײַנדליבען. א, אין מויזנלאָך שטיקלעך גלאָז.

אײַנפּאַצקען — דזוו אײַנפּאַטשקען (אפֿשר

י י

מיט ביטול).
איינפּידען — טרוו ־דע אײַן, ~געפּידעט.
־
.
→ אויספֿידען, 305. צואײַלן. אײַנגיכערן. א,
די מאַשין, זי זאָל לויפֿן גיכער.
איינפּייאיק — אַדי. וואָס איז מיט (האָט)
־
איין פּײַ, אַן אײַנגעשטעלטן שותּפֿות־טייל. א'ע
און מערפֿײַאיקע מיטגלידער פֿון פֿאָלקסבאַנק.
איינפּייניקן — טרוו ־ניק אײַן, ~געפּײַניקט.
. —. .
אַ צײַט פּײַניקן, מוטשען. א, עמעצן, דאָס לעבן
זאָל אים פֿאַרמיאוסט ווערן. א, די פֿערד. מיט
ז י ך — זיך א, איבער גאָרנישט מיט נישט.
־ונג.
איינפּיל()עווען— טרוו. ־(נ)עווע אײַן, ~
גע־־
פּיל(נ)עוועט. 1. אַ צײַט שטאַרק אַכטונג
געבן, אָפּהיטן, נאָכגעבן. א, דאָס קראַנקע עופֿעלע.
א, וו אַ בן־יחיד. 2. אײַנוויקלען. אײַנפּעלצן.
י
א, דאָס קינד אין עטלעכע קאָלדרעס.
איינפּימסן — טרוו. פּימס אײַן, ,,.געפּימסט.

־

אײַנרײַבן מיט פֿימס. א, מעבל. א, פֿעל.

איינפינדזלען — טרוו ־דזל אײַן, ~

געפינ־

.

דזלט. פּפֿ: ~פענדזלען. 1. אײַנשמירן מיט אַ פינדזל, אײַנבערשטלען. „ער פֿינדזלט אײַן אויף דעם אָרט וואו עס טוט ווײ", ײפֿאָל, 2. 43 No, 1882. אומגעראָטן אַרײַנמאָלן. א, אין בילד שטריכעלעך מיט קײַקעלעך.

איינפיסקלען — טרוו. ־קל אײַן, ~

געפיסקלט. פ: י.,פיסקעווען. מיט אַ גרויס מויל, געשריי, זידלערײַ אַריבערשטײַגן און אײַנשטילן עמעצן וואָס האָט טענות, וואָס שרײַט, רעדט אַ סך, זידלט זיך. "ער האָט נאָר אויפֿגעהויבן דאָס קול, אָבער די ײדענע האָט אים גלײַך אײַנגעפֿיסקלט".

איינסיעשטשען — טרוו. ־שטשע אײַן, ~

גע־־

פיעשטשעט. פּפֿ: ~פ(י)עסטען. אײַנצערטלען. צעבאַלעווען. א, אַ קינד, נאָכגעבן אים. מיט ז י ך.

אײַנפּיפּקען — אוטוו & טרוו. ־קע אײַן, ~

געפֿיפּקעט. 1. ניצן אַ נײַע פּיפּקע, בּיז איר פֿרישקייט איז מער ניטאָ. א, די פּיפּקע, די ליולקע. א, די פּיפּקע, זי זאָל ווערן שוואַרץ, האַלבּ־פֿאַרבּרענט. 2. אַרײַנציִען דעם רויך אין די לונגען. א, און דערנאָך אַרויסלאָזן אַ רויך ווי פֿון אַ קוימען.

איינסיצלען — טרוו ־צל אײַן, ~געפּיצלט.

—— □

אײַנבּרעכן אין קליינע טיילן, אין פּיצלעך.
אײַנרײַסן, אײַנשנײַדן אע אויף פֿיצלעך. א,

אײַנפלאָנטערן

גלאָזוואַרג. א, פּאַפֿיר און וואַרפֿן דורכן פֿענצטער.

אײַנפּיקלען — דזוו אײַנפּעקלען ←.

אײַנסיקן — טרוו פּיק אײַן, ~געפּיקט. 1. אַרײַנפֿיקן. דאָס פֿייגעלע פֿיקט אײַן קרישקעלעך בּרויט. 2. אַרײַנעסן. “ער עסט גאָרנישט, ער פֿיקט נאָר אײַן אַ האַלבּן לאַבּן בּרויט“.
3. אײַנשטעכן. א, אַ געשוויר און אַרויסלאָזן די מאַטעריע. 4. (שנײַדערײַ) נאָר אַ קליין בּיסעלע אײַנשנײַדן. א, די פֿלייצע בּײַם אַרבּל.

איינפּישן — טרוו. פּיש אײַן, ~געפּישט.

. ▯
שטאַרק באַנעצן מיט השתּנה. א, דעם לײַלעך.
א אַ וואונד, אַז סע איז ניטאָ קיין יאָד
און,

טערן האַנט.
אײַנפּלאָד(זש)ען — טרוו ־ד(זש)ע אײַן,
~געפּלאָד(זש)עט. פּפֿ: ~פּלאָד(ז)יען.
אַנ— .

פּלאָדען. ברענגען צום לעבן אויף דער וועלט
אַ נײַעם דור (וועגן חיות, אינסעקטן. וועגן
מענטשן — גראָבלעך). א, מײַז, כּינים. א, אַ
טוץ פּיקערס. א, הונגעריקע מײַלער. מיט
ז י ך — זיך שטאַרק פֿאַרמערן. "מײַז און
שטשורעס האָבן זיך דאָ אײַנגעפּלאָדעט".
שנאָרערס האָבן זיך דאָ אײַנגעפּלאָדזשעט.
אײַנפּלאַטיק — אַדי. 1. וואָס האָט (איז
אויף) איין פּלאַטע. אַ קליינע, א'ע זאַמלונג
לידלעך. 2. וואָס איז אויסגעשטריקט געוואָרן
אַזוי, אַז די רעכטע זײַט האָט אַנדערע אויגן
ווי די לינקע. אַן א'ע שטריקערײַ־אַרבעט (ט▯נכט:
דשערזי, דזשוירזי).
אײַנפּלאַטשיקן — טרוו ־טשיק אײַן, ~

גע—   .
פֿלאַטשיקט. דזוו איַינפּלאַטשן, בּ1.
איַינפּלאַטשן — טרוו. פּלאַטש איַין, ~
געפּלאַטשט פֿרגל — ~פֿלעטשן. 1. איַינדריקן,
.
ס'זאָל ווערן פֿלאַטשיק פֿלאַך. א אַ הויקער.
, ,
,,דער אַנטקעגנאיבּערדיקער דאַך שניי איז
איַינגעפּלאַטשט געוואָרן“, וויַס II, 'דער איבּערגאַנג'.
2. אָנשלאָגן. דערהרגענען. ל2. מיט ז י ך —
ווערן פּלאַטשיק.
איַינפּלאָמבּירן — טרוו. ־בּיר איַין, י,(גע)־
פּלאָמבּירט. 1. אַריַינשטעלן אַ פּלאָמבּע,
פֿאַרפּלאָמבּירן. א, אַ צאָן. 2. אַרויפֿטאָן אַ פּלאָמבּע
ווי אַן אָפֿיציעלן סימן (אַז מע טאָר עס ניט
רירן, ניצן אע). א, אַ וואַגאָן סחורה און אָפּשיקן
מיט אַ שומר ־ונג.
.
איינפּלאָנטען — טרוו ־טע איַין, ~
געפּלאָנ—   .
טעט. דזוו איַינפּלאָנטערן. א, בּאַוול־פֿעדעם
אין אַ וואָלן געשטריק. א, ליגנס בּיַים
דערציילן די מעשׂה. ,,ער בּאַשווערט נאָר ראָטשילדן
ניט איַינצופּלאָנטען ייִדן אין דעם עסק“, קמ,

No. ,l867 20   מיט ז י ך — ,,זי האָט אים
שוין טאַקע אָפּגעשטעקט אַ פּאַטש און שטאַרק
געהאַט חשק אײַנצופלאָנטען זיך אין זײַנע
האָר“, ממוס, מסעות. ־עניש.
איינפלאָנטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

געפלאָנטערט. פּפּ: ~פלונטערן (זאַמעט). 1. מאַכן
אַ פֿלאָנטער. א, פֿעדעם. א אַ קנויל בײַוול,
,
מע זאָל ניט קענען קיין עק געפֿינען. א, די
נעץ. א, און ניט קענען אויספלאָנטערן. ,,... ווי

איינפלאַניק

אַבֿשלום די געקרויזטע זײַנע האָר האָט צווישן
טענענצווײַגן אײַנגעפלאָנטערט,,, אפֿא, לויטער
איז דער קוואַל. 2. צונויפֿמישן. א, אין איין
קנויל טויט און לעבן, האַס און העלדישקייט.
3 פּאַרטומלען, צעטומלען. צעדרייען. א,
עמע.
צן בײַם מאַכן השבונות. א, אין אַ פֿאַלשער
קאָמבינאַציע. 4. אַרײַנציִען עמעצן אין אַן
ענין, וואָס לוינט זיך ניט אָדער איז סכּנהדיק.
א אַ פֿרײַנד אין מיאוסן עסק. א, די יונגע

,

מענטשן אין אַ ◻אַרשווערונג. 5. מיט אָדער
אָן אַ כּוונה אַרײַננעמען, אַרײַנשטעלן בײַם רעדן
(שרײַבן) אומפּאַסיקס. א, ליגנס בײַם
איבערגעבן ווי די זאַך איז געשען. א, נאַרישע וויצן
אין אַן ערנסטן עסיי.
מיט ז י ך — „דער שׂטן האָט זיך
אײַנגעפּלאָנטערט אין די שטריק, און פֿאַר קיין פֿאַל
קאָן מען ניט די שטריק אַראָפּנעמען פֿון יצחקן,„
שלמה יאַנאָווסקי, ספֿר עקדת יצחק, וואַרשע
תּרע"ב. „ליכטיקע שטילקייט פּלאָנטערט זיך
אײַן אין די צווײַגן", סעג, קאַפּריזן. ־ניש.
איינפּלאַניק — אַדי. נעאָל◻ וואָס איז
פֿאַרטראַכט (געשאַפֿן) אין איין פּלאַן (פֿון איין
געוויסער הנחה). א'ער פֿאַרמעסט.
איינפּלאַנעווען — טרוו ־נעווע אײַן, ~
גע—
פּלאַנעוועט. אויך: ~פּלאַנירן. אַרײַננעמען
אין אַ פּלאַן. מאַכן עס זאָל ווערן אַ טייל פֿון
אַ פּלאַן. א, אויף מאָרגן אַ באַזוך אין יידישן
מוזיי.
אײַנפּלאַפּלען — טרוו. ־פּל אײַן, ~
געפּלאַפּלט. דזוו אָנפּלאַפּלען, אַרײַנפּלאַפּלען. א, אַ
ים נאַרישקייטן.

איינפּלאַצירן — טרוו ־ציר איַין, ~(גע)
פּלאַ ־
.
צירט. 1. איַינשטעלן אויף אַן אָרט (מע זאָל
דאָרטן זיַין אַ באַשטימטע ציַיט). א, זעלנער אין
ייִדישע היַיזער. א, די פּליטים אין די
בתימדרשים. 2. סתּם אַוועקזעצן אויף אַ פּלאַץ.
א אַלע טעאַטער־באַזובערס. מיט ז י ך —
,

א, זיך, זיך באַקוועם אַוועקזעצן. א, זיך ביַי אַ
קרובֿ ־ונג.
.
איינפלאָשטשען — אוטוו & טרוו. ־שטשע
־
איַין, ~געפּלאָשטשעט. סל. 1. מאַכן פּלאַך,
פּלאַכער. איַינדריקן. א אַ בערגל זאַמד. א, דעם
,

־
זשוויר אויפֿן וועג. 2. (שניַידעריַי, וורר)
איַינניייען אַ טאָפּל־זוים. א, (אין) אַ קליידל.
איינפל אַשקען — טרוו ־קע איַין, ~

געפליי .
-
אַשקעט. וואוילינגעריש אײַנקלאַפּן.
אײַנפֿלאַטשן. אײַנקוועטשן. א, די מיאוסע צורה
זײַנע. א, די נאָז.
איינפליושקען — טרוו ־קע אײַן, ~
גע— .
פליושקעט. אײַננעצן, פֿאַרגיסן מיט וואַסער
(מיטאַמאָל, מיט אַ פליושק). א, די פּאָדלאָגע.
איינפלעטן — טרוו. פלעט אײַן, י'געפלעט.
-
אײַנפֿרעסן (מיט אַ הייסן פֿרעסאײַזן).
אײַנדריקן. א, דאָס אייבערהעמד. א, און ניט
אויספלעטן ביזן סוף. ־עכץ. ־עניש.
אײַנפלעטשן — טרוו. פלעטש אײַן, ,
געפלעטשט. פֿרגל: ,,פלאַטשן. 1. אײַנדריקן
און מאַכן פֿלאַכער, פֿלאַך, פֿלאַטשיק. דזוו

פלאָשטשען, בֿ1. א, אַ שטיק מעטאַל. ,,די מאַשין
האָט אײַנגעפלעטשט אין דער ערד די
גראַווירשטיינדלעך“, בֿ. מילער, סאָוו, היימלאַנד, 1961,

2 .No 2. שלאָגן מיט אַ פֿויסט (און מאַכן פלאַטשיק). א, די נאָז, די מאָרדע, דעם בויך.
זן די פֿאָרעם ״י.,פלעטשען. איַינפלעטש
— דער. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון איַינפלעטשן. שטאַרקער קלאַפּ מיט אַ פֿויסט. ,,ער האָט געחלשט פֿון דעם א',,. א'־מ אַ ש י ן.
איינפעטשלען — טרוו. ־טשל איַין, ~

געפעטשלט. איַינפאַטשן (←) מיט קליינע פעטשלעך.
איינפעכן — טרוו. פעך איַין, ~געפעכט.
-
1. איַינשמירן מיט פעך. א, דאָס שיפֿל. א, דעם דאַך. 2. איַינשוואַרצן. מאַכן ווי פעך. א, דעם גרויסהאַלטער. מיט ז י ך.
איינפעלצן — טרוו. פעלץ איַין, ״.,געפעלצט.
--
1. אָנטאָן אַ פֿעלץ אָדער עפּעס וואָס איז וואַרעם ווי אַ פעלץ. א, די פאַרשוינען וואָס לאָזן זיך אין וועג אַריַין אויפֿן אָפֿענעם שליטן. 2. איַינוויקלען אין אַ פעלץ אָדער בכלל אין וואַרעמע מלבושים, זאַכן. א, דאָס קינד איידער מע טראָגט אים (זי) אַרויס. 3. איַינניייען אַ פעלץ אין אַ מאַנטל. א, דעם מאַנטל. מיט ז י ך.

־ונג. ־עניש.

איינפּענדזלען — טרוו ־דזל אײַן, ~ געפּענ— *

דזלט. דזוו אײַנפּינדזלען ←. א, אַ וואונד מיט יאָד. „מע פּענדזלט אָן און מע פּענדזלט אײַן פֿאַרשיידן־קאָליריקע ליניעס און מע רופֿט עס מאָדערנע קונסט„, רייד (נ„י). א, די חלות מיט אַ געלבל.

איינפּענטען — טרוו. ־טע אײַן, ~געפֿענטעט.
-

1. אײַנבינדן מיט אַ פּענטע, שטריקל. א, די פֿאָדערשטע פֿיס פֿון די פֿערד און לאָזן זיי זיך פּאַשען. 2. אַרויפֿלייגן קייטן. א, די הענט פֿון ד אַרעסטירטע. 3. מאַכן עס זאָל זײַן ׳

שווער זיך צו באַוועגן. א, די קינדער אין שווערע ווינטער־מלבושים. 4. אײַנהאַמעווען. א, דעם פֿרײַען געדאַנק. מיט ז י ך ־עניש.

.

איינפּעסטן — דזוו אויספּעסטן, 309.
-

איינפּעסטען — דזוו אײַנפּיעשטשען ←.
-

איינפּעקלען 1 — טרוו. ־קל אײַן, ,. געפּעקלט.

--

1. אײַנלייגן אין אַ פּעקל. א, די זאַכן. 2. אײַנוויקלען (אין פּאַקפּאַפּיר אע), אײַנבינדן. א, די ביכלעך, מע זאָל זיי קענען אַוועקטראָגן. מיט ז י ך — זיך גרייטן אַוועקצופֿאָרן, אַוועקצוגיין. *א, זיך אין דער לעצטער נסיעה אַרײַן = האַלטן בײַם שטאַרבן.

איינפּעקלען 11 — טרוו. ־קל אײַן, ..,

געפּעקלט. פּפּ: ~פּיקלען. אײַנלייגן, אײַנמאַכן אויף צו קאָנסערווירן. אײַנרײַבן מיט זאַלץ, קנאָבל, געווירצן אע. א, אַ צונג. א, ברוסטפּלייש. אויך: א אַ פּעלץ קיין מאָטן זאָלן

,

זיך ניט אַרײַנכאַפּן. א, וואָלענע זאַכן מיט נאַפּטאַלין. אויך מיט ז י ך — א, זיך און בלײַבן אַזוי ווי מיט צען יאָר צוריק ־ונג. ע ן.

.

־עניש.

אײַנפּראָנזען (זיך)

איינפּערזאָניק — אַדי. וואָס איז פּאַר (פֿון, מיט, דורך) איין פּערזאָן. א'ער מאָטאָציקלעט.

א'ע אָנפֿירונג. אַ פֿילפֿערזאָניקער קאָמיטעט מיט
אַן א'ער דעה. „די באַשלוסן וועגן דער א'ער
אָנפֿירונג“, י. קאַמענעצקי, דער זיג באַם
דניעפּער, מאָסקווע 1932. ־יקייט — “דער
צוזאַמענפֿאָר פֿון די שלאָג־בריגאַדעס פֿאַראייניקט
זיך אינגאַנצן צו דער באַשטימונג... וועגן א'“,
ש. שקאַראָווסקי, אַרבעט־דיסציפּלין, קיִעוו 1930.
איינפּערען — טרוו. ־רע איַן, ~געפּערעט.
-
איַנשטופּן אויף כּוח, אַרײַנרוקן. א, נאָך אַ
קישן אין זאַק.
איינפּראָבירן — טרוו ־ביר איַן, ~(גע)
פּראָ .
בירט. דזוו אויספּראָבירן (→ 309) אָדער
אָנהייבן פּראָבירן. ־ונג.
איינפּראָבקעווען— טרוו. ־קעווע איַן, י.,
גע־־
פּראָבקעוועט. פּפֿ: ~פּראָפּקעווען.
פֿאַרשטעקן (אַרײַנקלאַפּן) מיט אַ קאָריק. א, דעם
בוטל ווײַן.
איינפּראַווען — טרוו. ־ווע איַן, ~געפּראַוועט.
-
1. אַרײַנשטעלן אויפֿן געהעריקן אָרט.
איַנלאַדעווען. איַנריכטעווען. א אַן אינסטרומענט

ִ

אין דרייבאַנק, וואַרשטאַט. „ס'פֿלעגט נעמען
אַ היפּשע צײַט ביז מע פֿלעגט די
משוגעגעוואָרענע נאָדל ווידער א, אין איר
שטענדיקער נעסט", דטש, ווילנע. „פּראַוועט אײַן אין
קאָריק ביידע גלעזערנע טרייַבלעך,,, יאַכ II.
2. אַרײַנשטעלן אין געלענק אַן אויסגעלענקט
גליד. א, די האָנט. "געוויינלעך דאַרף מען
האָבן די הילף פֿון אַ דאָקטאָר ער זאָל א, דעם
ביין אויף זײַן שטעל,,, דר, מ. גאָטליעב, זײַט
געזונד I, וואַרשע 1902.
3. אינסטאַלירן, אײַנסטאַלירן. א, עלעקטרע.
א, קאַנאַליזאַציע. א, נאָך אַ טעלעפֿאָן. א, אין
וואַנט אַן אָפּגוס מיט אַ קראַן. 4. צוגעבן אַ
געהעריקע זאַך (אין מאכלים אע). א, דעם ווײַן
מיט צוקער און נעגעלעך. 5. אָנסטראָיען אַ
מוזיקאַלישן אינסטרומענט. א, די פּיאַנאָ. א,
אַ פֿידל. 6. בכלל אײַנאָרדענען. א, וואו די
אַטן זאָלן עסן. "אָט האָבן זיי פֿאַר זיך גאָר
ִ
אײַנגעפּראַוועט אַ גערטל אויף איין אָוונט", משה
ט□.טש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929.
מיט ז י ך — אויך: פֿאַרטיק ווערן. ניט
קענען זיך א, מיט דער אַרבעט. ־עכץ.

־עניש.

אויך: ~פּראַווענען — בּ. שקליאַר, אויף
 אַלשע וועגן, קאָוונע 1939.

איינפּראַזשען — טרוו ־זשע איַין, ~
גע־פֿראַ— .
זשעט. איַינבּראָטן אויף קוילן. דורכבּרענען
אין אַ טעפּל (פֿענדל) אויף הייסע קוילן. א,
לעבּערלעך. א, קערלעך, סעמעטשקעס, די
ווײַנשלקערלעך.

איינפּראַטשען — טרוו. ־טשע איַין, ~

געפֿראַטשעט. 1. איַינקלאַפּן מיט אַ פּראַטש, אַ
פּראַלניק. א, וועש. א, מיט אַ וואַלגערהאָלץ. 2. דזוו
איַינפּלעטשן. א, די שטיינדלעך אויפֿן שאָסיי.

איינפּראָנזען (זיך) — ← איַינפּאַראָנדקעווען.
--
,,דערנאָך אַז זי האָט זיך שוין דאָרט אַ בּיסל

איַינפּראָסטן

איַינגעפּראָנזעט...,,, אמד(7), די אַנטלאָפֿענע
טאָכטער, זשיטאָמיר 1874.

איַינפּראָסטן — טרוו. פֿראָסט איַין, ~
געפּראָסט. פּפֿ: ~פּראָסטעווען.)

אומגעריכט) מאַכן עס זאָל זײַן (ווערן) אומאײדל,
פֿראָסט. א, אַ רעדע מיט דעמאַגאָגישער קריטיק.
געוויינלעך מיט ז י ך — נאָך אַ געוויסער צײַט
ווערן פֿראָסט. חתונה האָבן מיט אַ
וואוילזיוונג און א, זיך.
אײַנסראָפּאַגאַנדירן — טרוו. ־דיר אײַן,
~(גע)פּראָפּאַגאַנדירט. באַווירקן מיט
פּראָפּאַגאַנדע. „אַ ווייכלעכער אינטעליגענט! זיי האָבן
אים פֿאַרשטייט זיך, אײַנגעפּראָפּאַגאַנדירט“, נ.

,
אָסטראָווסקי, ווי שטאָל האָט זיך
פֿאַרהאַרטעוועט, מינסק 1937.
אײַנפּראָפּן — טרוו. פּראָפּ אײַן, ~געפּראָפּט.
1. אײַנדריקן בײַם אײַנפּאַקן. א, זאַכן אין
וואַליזע אַז די ווענטלעך זאָלן פּלאַצן. 2.
אײַנקאָרקעווען. א, אַלע פֿלעשער. 3. אַרכ.
אײַנוואָרצלען. אײַנשטשעפּיען. „גאָט קאָן זיא [די
בעלי־תּשובֿה] וואול ווידר איין פּפּראָפּפּן“, קאַל,
לבֿ בנים על אבותם, האַלע 1732.
איינפּראָפּיטירן — אוטוו ־טיר אײַן, ~

פּראָ
-
—
.

פֿיטירט. דזוו פּראָפֿיטירן, אָבֿער עמפֿאַטישער. א אַפֿילו פֿון אַ שלעכט געשעפֿט.

,

איַינסראַצעווען — טרוו. ־צעווע איַין, ~ געפּראַצעוועט. 1. קריגן דורך פֿראַצע. ״עס קומט זיי שווער אָן איַינצופֿראַצעווען אַ וויַיבֿ״, רייד (דרום אַפֿריקע). 2. אַרויפֿאַרבֿעטן מיט

-

שווערער פֿראַצע. א אַ געשעפֿט. אויך מיט

ז י ך — זיך צוגעוואוינען צום פּראַצעווען. איינסראָצענטיק — אַדי. וואָס איז נאָר פֿון איין פּראָצענט. וואָס האָט נאָר איין פֿראָצענט פֿון עפּעס אין אַ מישונג, שמעלצונג פֿאַר, בינדונג אע. „אַן א'ע צעלאָזונג פֿון אַזאָט־זויערן זילבֿער„, פֿגעז, ווילנע 1 1932, No. א'ער פֿאַרדינסט.

איינסראַקטיצירן זיך — אוטוו ־ציר זיך

—

.

איַין, זיך ~פֿראַקטיצירט. פּפֿ .,

פּראַקטיקירן זיך. זיך איַינלערנען, זיך איַינגעוואוינען, האָבן אַ פּעולה אין אַ (נייער) פּראָפֿעסיע.

„מײַן זון דער דאָקטער האָט זיך שוין
אײַנפּראַקטיצירט“, רייד (נ״י). א, זיך אין אַ נײַעם
טאַנץ ־ונג.
.
אײַנפּראָשען — טרוו. ־שע אײַן, ~
געפּראָשעט. סל. אײַנשטויבן. א, עמעצן מעל אין
די אויגן. *א, די אויגן = אָפּנאַרן פֿאַרפֿירן.
,
איינפּרובירן — טרוו. ־ביר אײַן, ~(גע)
פּרו־־
בירט. 1. דזוו ~פּראָבירן. 2.
אײַנרעפּעטירן. א, די מאַסן־סצענע. מיט ז י ך. ־ונג.
־ער.
אײַנפּרוכנען — אוטוו. ־נע אײַן, ~
געפּרוכנעט. (וועגן ביימער, געהילץ) ביסלעכווײַז
ווערן צעפּולווערט, צעפֿוילט. “אַ גאַנצער וואַלד
פֿרוכנעט ניט אײַן“, שוו.
אײַנפּריטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~
געפֿריטשעט. וורר. אײַנדושען, אײַנטושען. א,
דאָס שטיקל פֿלייש.

איינפּרײַז — דער. מצ נב. איין פּרײַז פֿאַר

פֿאַרשיידענע אַרטיקלען. אַן א'־ג ע ש ע פֿ ט.
איַינפּריַיזן — טרוו. פּריַיז איַין, ~געפּריַיזט.
איַינשטעלן אַ פּריַיז. א, אַ סחורה.
איַינפּרינדען — טרוו. ־דע איַין, ~געפּרינדעט.
איַינקליידן. א, עמעצן אין שיינע ניַיע בגדים.
(האָט אויך איר ביַיטעם). פּרגל: אויספּרינד(ל)ען
.., 3ll. אויך מיט ז י ך.
איַינפּר עֿן — אוטוו & טרוו. פּריִע איַין, ~
געפּריִעט. פּפֿ: ־,פּרייען. 1. איַינבאַקן אַ ביסל.
איַינפּרעגלען אַ ביסל. א, אָפּגעקאָכטע
קאַרטאָפּליעס. ,,עס בלעזלט זיך שוין, עס פּרייעט שוין
איַין,,. 2. איַינזידן, אָפּבריִען מילך. א, מילך.
3. מאַכן אָדער זיַין צעשוויצט, רויט, אַ ביסל
אָנגעצונדן פֿון די אונטערהייזעלעך פּריִעט
. ,,
איַין צווישן די פּיסלעך“. 4 פּטמ. דעזינפּיצירן.

א, די שמאַטעוואַטע בגדים.
איינפּרעגלען — טרוו. ־גל איַין, ~געפּרעגלט.
--
1. צוגרייטן שפּיַיז אויף אַ קליינעם פּיַיער,
מיט ווייניק וואַסער אָדער פּעטס. א, פּיש. א,
איַינגעמאַכטס. ,,איין עשין דאז גאַנץ גיקאָכט

איז און עשׂ איז קאַלט גיווארדן, דא טאָר מן
עשׂ ניט שטעלן בײַא דעם פֿײַאר צו וואַרמין,
דען עשׂ איז עבֿן אַז ווען מן עשׂ קאָכט אם
שבת און אַך פֿרעגלט עשׂ בעשׂיר אײַן“, לט1,
עד/א. “פֿרעגלט איבער די ציבעלע... גיט צו
די צעמאָלענע שוואָמען... פֿרעגלט עס אַ ביסל
אײַן, כסדר מישנדיק“ פֿאָר, 1966 ▯ 15. 2 פֿיג.

. ,

אײַנוואַרעמען. מאַכן אַ געמיש (אַזוי ווי אַ
געקעכטס וואָס מע פֿרעגלט). א, דעם עולם מיט
קיצלדיקע וויצן. „[די מקוכּלים] האָבֿן
אײַנגעפֿרעגלט די ספֿירה ציילן מיט די עשׂר ספֿירות,
אײַנגעפֿלאָכטן איינע אין דער אַנדערער“, יוד,
פֿאַר פסח, וואַרשע 1881.
אויך מיט ז י ך — זיך א, אויף דער זון.
—ונג. —עכ▯ן. —עניש.
איינפרעגן — טרוו. פֿרעג אײַן, ~געפרעגט.
▯-

אַרכ. דטשמ. נר. אײַנדריקן, אײַנקריצן.
אײַנלערנען. א, (עפּעס) אין זכּרון. “אַלזו ווערט מן
דיא קינדר צווינגן און, אײַן פֿרעגן אין אירם
אהן פֿאַנגשׂ צו רידן לשון עלגים“, אבֿן י▯)ראָל,
מעץ 1766. „אײַנצוּוואָרצלען און אײַנצופרעגן

די אמתדיקע אמונה“, ר, יצחק האַמבורגער איבֿז,
סtיח יצחק לעמבערג 1876. ,,... אויפֿזיכט
האָבן אין זייער האַרץ אײַנצופּרעגן ייִדישקייט,,,
ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע ות II, סאַטמאַר
תרפ“ה. “האָב איך מיר אײַנגעפּרייגט אין זעל
דעם אַלטנס ווערטער“, זש, שקלאָווער קינדער.
,,... אײַנצופֿרעגן אין קאָפּ פֿון די
מיטגלידער... דעם טיטל 'חבֿר', איז געווען
שווערלעך“, יוסף אָקרוטני, אונזער אָרים ברויט,
וואַרשע l936.

אײַנפּרעדיקן — טרוו. ־דיק אײַן, י.,
געפּרעדיקט. פּפֿ: ~פּריידיקן. (באַמיִען זיך)
משפּיע זײַן מיט דרשנען, מיט אַ פֿרעדיק. א,
די נײַע 'תּורה'.

אײַנפּרעזערווירן — טרוו. ־וויר אײַן, ~
פּרעזערווירט. אײַנהיטן אויף שפּעטער. אויסהיטן

אײַנפּרעסן

עס זאָל זיך ניט בײַטן, ניט קאַליע ווערן. א,
פֿליישן פֿרוכט אאַזוו. א, שיינקייט. א, די
יו,
גנטלעכע כוחות. מיט ז י ך. ־ונג.

איינפּרענטלען — טרוו. ־טל אײַן, ~

געפּרענטלט. אַרײַנשטעקן דאָס פּרענטל (עס זאָל זיך ניט צעדריבלען וואָס מע האָט שוין אָנגעשטריקט). א, וואָס מע שטריקט.

אײַנפּרענטען — טרוו. ־טע אײַן, ־ט..,
געפּרענטעט. אַרײַנשטעקן אַ פּרענט(ע) פאַרלייגן מיט
.
אַ פּלאָקן. א, די טיר מיט אַ דראָנג. מיט
ז י ך — זיך א, אין שרעק פֿאַר די
פּאָגראָמשטשיקעס.

איינפּרעסן — טרוו. פּרעס אײַן, ~געפּרעסט.
-
1. גוט אויספּרעסן, אויסגלאַטן מיט אַ פּרעסל, ספּעצ אַ געוויסן טייל פֿון אַ זאַך. א, די מאַנזשעטן, דעם קאָלנער, אַ קאַנט אין די הויזן.
2. בלויז אַ ביסל פּרעסן. א, די בלוזקע און זי ניט אויספּרעסן.
3. אײַנפּלאַטשיקן. אײַנקלאַפּן, אײַנקוועטשן. א, דעם אַספּאַלט מיט אַ שווערער פּרעסמאַשין.
4. דריקן (מיט כּוח) אין עפּעס, עס זאָל בלײַבן אַן אָפּדרוק. א, דעם שטעמפּל אין טריוואקס. א אַ פּיגור אין שניי. 5. אויסדריקן
,

דעם זאַפּט. „איילבערן וואָס שטייען אײַנצופּרעסן...“, זרעים, ע/א. „נײַע באָקסערן וואָס ער האָט אײַנגעפּרעסט אין אַלטן ווײַן“, דאָרטן, סא/א.

6. אײַנקלעמען. א, אַ פֿינגער אין טיר.

7. פֿיג. אײַנקריצן. א, אין קאָפּ, אין האַרצן, אין זכּרון, אין געדעכעניש. “און וואָס זיי הערן פֿון איר ווערט בײַ זיי גוט אין קאָפּ אײַנגעפּרעסט“, קמ, 44 1863, No.

8. צונויפֿדריקן. צונויפֿקוועטשן. מאַכן קלענער אין פֿאַרנעם. א, די זאַכן אין טשעמאָדאַן. א, די לאַנגע רעדע. „דער מענטש... האָט... אין די כּישופֿדיקע שעהן... די ענערגיע פֿון טויזנטער יאָרן אײַנגעפּרעסט“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער. „השי„ת... פּרעסט אײַן די זינד פֿונעם בעל־תּשובֿה“, לדב, מאמר ראָש השנה, נ“י ת„ש. 9. אײַנצוימען. א, דעם יצרהרע. “ער האָט אײַנגעפּרעסט זײַן גוף צו טאָן דעם רצון פֿון גאָט“, שלמה יאַנאָווסקי, ספֿר עקדת יצחק, וואַרשע תּרע„ב.

1(). אַרײַנפּאַסן, אַרײַנקוועטשן אין אַ

ציַיטאָרדענונג. א, צווישן צוויי זיצונגען דאָס אויפֿנעמען אַ גאַסט. 11. וואוילינגעריש. שלאָגן. דריקן. א, יענעם דעם קאָפּ, דעם פּאָנץ. „כ'וועל אים נאָך אַמאָל דעם 'קאָלדן, א'„, אָפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנ .

מיט ז י ך — א, זיך אין יענעמס אָרעמס אין בּרוסט. א, זיך אין דער מאַמעס הענט. א, זיך אין דער נשמה. „אין מײַן האַרץ קאָן גאָר די פֿרייד זיך ניט א'“, א. י. סאַפּיר אויס מינסק, חטאת הקהל... I, ווילנע 1881. „צווישן די אַלע עלטערע מענטשן, וועלכע האָבּן זיך מיר אין מײַן זכרון אײַנגעפֿרעסט, איז אויך געווען הענעך דער שנײַדער“, אַר, 'דער טויטער־לעבּעדיגער'. „מיט ווייכע ווערטער וועלכע פֿלעגן זיך א, אין האַרצן“, לדבֿ, נ„י תּשי„ז. “אַלץ אין

אײַנפּרעסעוודיק

דער לופֿט האָט זיך געקאָרטשעט, זיך אײַנגעפּרעסט, געווען גרייט יעדע מינוט צו עקספּלאָדירן„, אָפּאַ, 'דער בּעל־תּשובֿה'.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
איינפּרעסעוודיק — אַדי. וואָס מע קען עס

-

(עס לאָזט זיך) איַינפּרעסן. א, ווי שטרוי.

־יקייט.

איַינפּשטלען — [... פּשעטלען] טרוו. פּשטל איַין, ~געפּשטלט. איַינטיַיטשן אַ(ן אומנייטיק) פּשטל אין אַ פּסוק, אַ מימרא, אַ סוגיא. א, אין דעם קלאָרן פּסוק אַן אָנצוהערעניש אויף משיחס קומען. א, אין דער סוגיא אַ גאַנצע פֿאַרדרייעניש. ־עניש.

□

איינסאָדערן — טרוו ־ער איַין, □־, געפֿאָ— .

דערט. 1. אַרויסרופֿן זיך איַינצומעלדן. (צונויפֿ)רופֿן מע זאָל קומען. א, עמעצן קומען אין אַ באַשטימטן אָרט. א, די הויכע באַאַמטע אויף אַ באַראָטונג. 2. איַינמאָנען. א, אַ חובֿ. א, שטיַיערן, א, מס. „רבֿ פּפּא דער האָט איין מאָל איין (כותיא) געהאַט דיא אים חייבֿ וואַר גיוועזן, אַזו גינג דער רבֿ פּפּא אַלי טאָג ביַיא איר אין הויז אונ, וואַר אין פֿאָדרן זיַין געלט„, מבֿ, מעשׂה קיט. „דער (קצבֿ) אַרום גיט געלט אין פֿאָדרן פֿון ליַיטן דיא פֿלייש האבן גינומן“,

מהמ, אַמשט 1722, לבֿ/ב. „,... אַרום צו גיאן
המעות איַן צו פֿאדרן כל רבֿיעית שנה“, ,
תּקנות מהחבֿרה יתומים בּאמשטרדם,, 1781.
־ונג.

-

איינסאַזיק — אַדי. וואָס איז פֿון איין פֿאַזע.
אין אַן א'ן גאַז־צושטאַנד. “קען דען זײַן אַן
א'ע אַנטוויקלונג?„. א'ער בּײַטשטראָם.

▯

איינסאַזעווען — טרוו. ־זעווע איַן, ~
געפֿאַ־־
זעוועט. פּפֿ: ~פּאַזעווען. (סטאָליערײַ)
אַרײַנשטעלן די פֿילאָנקעס. א, די פֿילאָנקעס
אין דער טיר (פֿון אַלמער).
איינפֿאַטשיילען — טרוו. ־לע איַן, ~

געפֿאַטשיילעט. אײַנוויקלען אין אַ פֿאַטשיילע. א,
דאָס מיידעלע איידער מע נעמט זי אַרויס אין
דרויסן. מיט ז י ך.

-

איינסאַך — אַדי. [דאָס וואָרט איז אַרײַן אין
ייִדיש אין דער תּקופֿה ווען מע האָט גענומען
ניצן דטשמ, אָבער ס'איז אַזוי אַרײַנגעוואַקסן
אין ייִדיש, אַז עס קען ניט באַטראַכט ווערן ווי
דטשמ] 1. ניט־קאָמפּליצירט. פּשוט. די זאַך
איז גאָר א,. א'ע רייד. א'ע מוזיק. א'ע אַרבעט.
א'ע פֿאָרמל. א'ער אופֿן (בויען). א'ע מאַשין.
,,צו גאָט קען מען קומען דורך די א'סטע
מיטלען,,, אַש, תּהילים־ייִד. די א'סטע בעלי־חיים —
פֿון נידעריקסטן מין. א'ע מעטאַפֿאָר — ניט־
אויסגעברייטערטע. א'ע פֿאַבולע, א'ער סיפּור־
המעשׂה. ,,... באַשרײַבן אין אַן א'ע ייִדישע מעשׂה,,,
א. מ שאַרקאַנסקי, אַ שפּיטצעל פֿון אַ
פּורימשפּילער, נ"י 1899. ,,פֿלעגט מען ברויכן אויף
אָפּצווועגן זאַכן אַן א'ן אינסטרומענט", דר, אב.
קאַספּע פֿיזיק, נ,,י 1916. ,,יעדער געדאַנק איז

,

אין זײַן עצם א'..., איינליניעדיק,,, קאָר II.
2. וואָס באַשטייט נאָר פֿון איין טייל. אַן

1197

א'ער טאָן. אַן א, וואָרט. א'ער אַדיעקטיוו, א'ער סובסטאַנטיוו. א'ער ש נ ו ר — להיפּוך פֿון אַ צווייפֿאַכן וואָס איז צונויפֿגעדרייט פֿון צוויי באַזונדערע שנורן. א'ע ב ו כ ה אַ ל ט ע ר י ע — וואו יעדע אָפּעראַציע ווערט פֿאַרשריבן נאָר איין מאָל — להיפּוך צו דער טאָפּלטער. א'ע פּ ר אָ ־ צ ע נ ט ן — נאָר פֿון קרן. א'ע מ אָ ס — וואָס קען באַצייבנט ווערן מיט איין צאָל — 5 מ להיפּוך צו 5 מ 20 צמ. א'ע צ אָ ל — גאַנצע, אָן ברוכצאָל.
3. ניט־געקינצלט. ניט־באַצירט, אָן באַפּוצונגען. א'ע מלבושים. א, מעבל. א'ע פּראָזע. די קליידונג פֿון נײַ־געבאָרענעם מוז זײַן גאַנץ א, (פּראָסט), עס זאָל אים ניט מאַכן קיינע דריקונג", מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. ,,אין אַ דינעם וועגמאַנטל און אַ העל א, היטעלע,,, ספּ, סודות. ,,זײַנע ראָמאַנען, קלאָרע, א'ע... זיי זענען... געווען... גוטע ליטעראַטור,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן I. א'ער

אַ ר בּ ל — וואָס גייט גלײַך, אָן אַרויסהייבונג פֿון אויבן און אָן שום באַפּוצונג. א, ה אָ ל ץ — אויך: ניט־באַפֿאָרבן. אַן עטאַזשערקע פֿון א'ן האָלץ.

4. יסודיק. א'ע געזעצן. א'ע געפֿילן. וואָס איז אָן ספּעציעלע צוגאָבן, צוטראַכטענישן. א'ע ש פּ ײַ ז ן. אַן א'ער לימוד. א'ער אַנאַליז.

5. וואָס איז גרינג פֿאָרמולירט. וואָס מע קען גרינג פֿאַרשטיין. אַן א, געזעץ. „ניוטאָנס גרויסער, א'ער און דאָך אומפֿאַרשטענדלעכער ניטא'ער געזעץ [פֿון גראַוויטאַציע]“, גוטנ.

6. וואָס צו דעם פֿאָדערט זיך ניט קיין פֿאַכמענישקייט. א'ע קאָנסטרוקציע. א'ע הויזאַרבעט. א'ע באַוואַסערונג. „יעדער... המונמענטש, אויך ווען ער איז פֿאַרנומען מיט זײַן א'ער אַרבעט, איז די נשמה זײַנע [מקושר] מיט חבמה עילאה“, לדב.

7. געוויינטלעך. דורכשניטלעך. וואָס איז אָן פּרעטענזיעס, וואָס טיילט זיך מיט גאָרניט אויס. אַן א, משפּחה־לעבן. אַן א'ער מענטש, אָן פֿליגן אין נאָז. אַן א'ער מיליטערמאַן. “דער טיש וואַר געדעקט גאַנץ א': שנאַפּס, קאַרטאָפֿל אין מונדי־ן, פּוטערשניט“, אמד, דער אידישער פריידיגער, ווילנע 1878. “... אַזוי איז געוואָרן

פֿון אַ גאָוניש ייִנגל אַן א'ער ייִד“, יק. ,,
מענדעלע, אַזוי ווי שלום־עליבם, שילדערט דאָס
לעבּן פֿונעם פּראָסטן פֿאָלק... דערפֿאַר איז
די שפּראַך בײַ אים נאָר אין גײַסט און
געשמאַק פֿון פֿאָלק, אָבער זי איז ניט די א'ע,
פּראָסטע אומגעקינצלטע פֿאָלקש ראָך“, שנ,
וועגן יודישע שרײַבער I.
8. נאַטירלעך, דירעקט. וואָס איז אָן
אינעווייניקסטן שטער. א'ע און ערלעכע רייד. א'ע
אָפֿנהאַרציקייט. ,,אַן א, אמת וואָרט אָן אַן
אײַנהיל...,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,דאָס
וואָלט געווען דער א'סטער אופֿן וואָס וואָלט
אונדז אינגאַנצן באַפֿרײַט פֿון היפּאָטעזן,,, זשיט
III, נ“י 1912. ,,אַזוי האָט ער געקלערט גאַנץ א,
צו ענטפֿערן,,, ווײַס, ,דער לערער גרינשטיין,.
,,מענטשן וואָס דערציילן אַזוי פֿרײַ און א,

איינפֿאַכקייט

וועגן זיך“, אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק. ,,גאָר
א', איר זאָלט [האָבּן אין דער היים] אַ האַלבּן
שטאָף ספּירט, וועט ער פֿאַרשפּאָרן גיין אין די
שענקען,,, בּ. בעקערמאַן, ר, בצלאלקע מלמד,

וואַרשע 1895. ,,.... אַן א'ע און געזונטע ליבּע
ער האָט פֿאַרמאָגט צום לעבּן,,, שנ, ייִד,
שרײַבּערס אין סאָוו'־פֿאַרבּאַנד.
9. תּמימותדיק. ניט צו פֿיל געלערנט.
ניטראַפֿינירט. א'ער יגיע־כּפּימניק. ,,א'ע
מענטשן... זיי זענען געווען שלום מיט זייער
גאָט, געדאַווּנט צו אים מיט פּראָסטן געבּעט,,,
אַש, תּהילים־ייִד. "כּדי דער א'ער לעזער זאָל
ניט פֿאַרשטיין און דער אינטעליגענטער זאַל
הנאה האָבּן", נאַד. ,,מע קען דאָך זײַן א, און
גאָרניט מאָדערן, דאָך טיפֿער ווי טיף וועגן
גאָט זיך פֿאַרקלערן", סעג, איצטער.
1o. פּראָסט, ניט־קולטורעל. פּלעבּעאיש. דער
א'ער המון. זיך פֿירן גאָר א'. רעדן אומישנע
מיטן בּעל־עגלה אַן א, לשון. ,,זי האָט געענדיקט
גימנאַזיע און גענומען האָט ז אַן א'ן מאַן,,.
י
,,א, איז דער שׂכל פֿון אַ פּראָסטן מענטש",
ש. מאַרגאָשעס, טמז 11 .18 ◻1964 II. גראָבּ.
שפֿל. געמיין. ,,בּיסט אַן א'ער מענטש און איך
וויל דיך ניט קענען!,,. 12. וואָס איז פֿון אַ
נידעריקן, געמיינעם סאָרט. א'ע מעל. א'ע
שטאָפֿן.
13. (שטענדיק לגנאי) וואָס איז סך־הכל ניט

מער ווי.... אַן א'ער נאַר, מטורף אע. אַן
א'ער אימיטאַטאָר. ,,איז דער מענטש וועלכער
מאַכט זיך אַליין פֿאַר אַ שקלאַף פֿון זײַנע
קינדער... אַן א'ער משוגענער,,, דר, לעססער,
... מעדיצינישע מיטלען, וואַרשע 1908. ,,אין
קרעמערײַ קען מען באַנוצן פֿיל כיטראָסט, אויך
גילט אין דעם א'ער אָבמאַן'', צבֿי ניסן גאָלאָמבּ,
די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. זן אויך
פּאָזיטיוו. ,,ניט פֿאַרפּוצט. ניט לאָקסאָסע [=
לוקסוסדיק], אָבּער א, ריין,,, י￼ראל אָרנשטיין,
רעיונות י￼ראל, אַס 1893.
,

14. זן. וואָלוול. גאַנץ צוטריטלעך. קויפֿן
אין קעלער־קראָם בּײַ אַן אויספֿאַרקויף אַן א,
קליידל. ,,גרינסן אין סעזאָן זײַנען א',,.

￼

איינסאַכהייט — די, ־ן. נר. דזוו
איינפֿאַכקייט. ,,פֿון איר א, ערציילט מען פֿאַרשידענע
זאַכן,,, דער שרעקלעכער מאָרד דער קייזערין

פֿון עסטר □.ך, לעמבערג 1898.

איינפֿאַכיק — אַדי. 1. דזוו □ ייִנפֿאַך. „גוט
האָט מיר געשמעקט די בּ□ □. □ס, אירע א'ע
שפּײַזן„, אַר, 'מײַן צוריקקער אַהיים'. 2. וואָס
האָט נאָר איין פֿאַך. א'ע דאַך־בּאַדעקונג.
—יקייט.

□

איינסאַכקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ אָדער פֿרט־פֿאַל פֿון זײַן איינ□אַך. עפּעס
-

□

וואָס איז טײַער גראָד איבער דער א'. „די א,
פֿונעם דאָרפֿישן לעבן וועקן אויף אַ גאַנצע
שורה פֿון געפֿילן„, בּעמ II. “די א, פֿונעם ייִדישן
גלויבן, די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿונעם ייִדישן פֿאָלק
ציִען אים שטאַרק [צו]“, ליטוו. „זײַן האַרץ
פֿונקציאָנירט בּײַ אים מיט דער איידלסטער א'“,
בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

איינפֿאַל

-

איינפֿאַל — דער, ־ן. hd: în . 1־val. אַקט

 -

אָדער רעזולטאַט פֿון איינפֿאַלן. אומגעריכטער
א, פֿון גאַנצן בנין. דער א, פֿון דער חורבֿה.
מלל פֿאַרטײַטשט 'עד יכרה לרשע שחת, (
תּהלים, צד, 13): „איין פֿאַל“ [תּי: „גרובֿ“].
2. רואינע. מפּולת. אַן א, הינטערן שטעטל.
„מע טאָר ניט אַרײַנגיין אין אַן א'“, רייד (אין
די 20. יאָרן, אַן אַלטע פֿרוי, ליטע).
3. אָפּפֿאַל. דאָס וואָס גייט פֿאַרלאָרן, גייט
אין ניוועץ. דער א, בײַם איבערשיטן פֿון זאַק
אין פֿונטיקע טוטלעך. געבן אויף א'. בײַם
קויפֿן עפּעס וואָס שיט (גיסט) זיך: גיט מיר
צו אויף א'. „... און בשעת מע קויפֿט זיי
[די שקלאַפֿן] רעכנט מען אויף צוואַנציק
פּראָצענט א'“, אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע
1868. “קיין רווחים איז פֿון אונדז ניטאָ, נאָר
היזק און א, איז פֿון אונדז דאָ“, חזן בדחן
מסמאַרגאַן, שיר נחמד, ווילנע 1877. .4
איינגאָב. קויפֿן פֿאַרן ייִנגל אַ גאַרניטערל סחורה

מיט אַ האַלבן מעטער מער אויף א', נישקשה, דאָס בחורל האַלט אין וואַקסן. שפּאַסיק אויך וועגן צוגרייטן פּראָוויזיע. קויפֿן נאָך אַ פֿונט פֿלייש אויף א', עס וועט קומען אַ כאַליאַסטרע פֿרעסערס. 5. דאָס וואָס זעצט זיך אָפּ פֿון אונטן. "איך וויל ניט דאָס לעצטע טעפֿעלע קאַווע מיטן א'". „דער בעסטער ווײַן האָט א'".

6. פּלוצעמדיקער געדאַנק וואָס באַלויכט. המצאה. גוטער פּלאַן. אינטואיציע. אַ געניאַלער א,. אַן א, ווי גרינגער צו מאַכן ד אַרבעט. אַ
י
שיינער א'. אָפּט איר. אָנקווועלן פֿון עמעצנס אַ גוטן א'. אַ קונציקער א'. „ער האָט אין זיך אַמאָל אַזעלכע א'ן וואָס איר וועט דערויף קיינמאָל נישט פֿאַלן, איר זאָלט זײַן מיט אַכצן קעפּ", שע, קליינע מענטשעלעך.... „אייגנטום איז דאָס... וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אין לעבן דורך מײַן שׂכל, מײַן א', מײַן ענער יע", זשיט , נ,,י 1917. "יעדן א, טוט ער וועגן, מעסטן, באַטראַכטן, איבערטראַכטן", אַל III. „דער בליץ, דער א', דאָס תּופּס זײַן די יסודות, קומט דורך חכמה, דער נקודה קדמאה", הר י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'דרשה', אַטלאַנטיקסיטי תשכ,,ב. "דער דאָזיקער א, וואָלט

געדאַרפֿט

זײַן נאָך מוטווילִיקער, נאָך אומבאַרעכנלעכער“,
מוו איבּז פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז. „דער ערשטער

,

א, פֿון דעם תּירוץ קומט זייער קורץ און
שאַרף“, לדבֿ, נ“י תּשי„ז. ▯גנבֿישער א, =
כיטרע המצאה.

7 פֿטמ פֿאַנטאַזיע פֿאָרשטעלונג. טרוים.

. . ,

„זיך לאָזן אויף א'ן און זוכן אַנדערע פֿרנסות“,
מ וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע
1900. „און איך האָבּ מיך אויפֿגעכאַפּט פֿון

,

מײַן א', זיך אויסגעניכטערט„, ווײַם I▯ו, 'ווי
דער גורל פֿירט,. „אַזאַ מין א, פֿון אַ
וואַקסענער פֿיגור“, הל, 'די שטים אין שויפֿענצטער,.
“... בּאַדאַרפֿסט ווײַזן שיינעם א', דיר פֿעלט
דאָך ניט פֿאַנטאַזיע מיט גײַסט“, י▯ראל
קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. 8. פֿטמ. קאַפּריזנע
ווּעלעניש. שטימונג. אַ מיידל מיט א'ן. „גיבּ
ניט נאָך דײַן יעדן א'“. „אַן א אַ בּיסל! נאָך

,

אַזוי יונג“, ממוס, שלמה. 9. ווערטל.

חכמה1193

לע. ״דערציילן מעשׂיות, א'ן און המצאָות״, שע, קליינע מענטשעלעך.... וועגן אַ נאַריש ' חכמהלע'״: ״דאָס איז אַן א, פֿון אַן אַלט הויז״, פֿוול, ״ער האָט אַ קאָפּ אויף א'ן״ [ווש מיט בּ1].

איינפֿאַלבּן — טרוו פֿאַלבּ איַן, ~געאַלט.

—
.

1. מאַכן עס זאָלן זיַן פֿאַלבּן אין אַ מלבּוש. א, דאָס קלייד. 2. איַנקנייטשן. איַנבּייגן. א אַ בּויגן פּאַפּיר —ונג.

, .

איינפֿאַלד(עווע)ן — טרוו פֿאַלד(עווע) איַן,

—
.

~געפֿאַלד(עווע)ט. איַנלייגן אין פֿאַלדן. א, אַ טיכל. דזוו איַנפֿאַלבּן.

איינפֿאַלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רע־־ זולטאַט פֿון איַנפֿאַלן. א, פֿון בּאָדן.

איינפֿאַליק — אַדי. וואָס איז (אַזוי ווי) אַן --

איַנפֿאַל. המצאָהדיק פֿרגל איַנפֿאַלעריש. „ ז״—
.

ערע נעסטן גראָבן זיי [די מוראַשקעס] אין
דער ערד. זיי מאַכן דאַס זייער קונציק און א'‘‘,
איבז, בילדער פֿון טהיער לעבען, ווילנע 1898.
־יקייט — „וויפֿל פֿאַרשטאַנד און א, עס האָבן
פֿאַרשידענע [בעלי־חיים]“, דאָרטן. אויך:
איין .
פֿאַלדיק ־יקייט — „מיט אַזוי פֿיל
פֿאַן,
טאַזיע און מיט אַזוי פֿיל א'‘‘, צײַט, טמז,
.XI 19 30()()
אײַנפֿאַלן — אוטוו פֿאַל אײַן, ב י ן ~געפֿאַלן
— — .
[וועגן ה אָ ב ← אויסלויפֿן, 265]. 1. פֿאַלן
אויף אַראָפּ. צעפֿאַלן פֿונאַנדערפֿאַלן. חרובֿ
.
ווערן. ווערן אַ רואין. א, ווי די ווענט (מויערן)
פֿון יריחו. א, ווי אַ קאָרטן־שטיבל. א,
ווי פֿון אַ שטורעמווינט. “די שטוב פֿאַלט
אײַן אוי־אוי, דעם מלמד קומט נאָך פֿאַר
יענעם זמן“ פֿל. „ווען דא ווערן נײַן גויים אונ
,
איין יוד, אונ עז ווער איין הויז אײַן גיפֿאַלן
אויף איינם, אונ מן וישׂט ניט אובֿ עז ווער
גיפֿאַלן אויף איין גוי אַדר איין יודן, נאָך איז

מן מחויבֿ מחלל שבת צו זײַן,,, לט1, עט/א.
,,דרײַא מויארן ווערין אײַן פֿאַלין און איין
גרויס היכל והמושל פֿון דער שטאָט ווערט
שטארבֿין,,, נצ1, כג/ג. ,,דאשׂ גבֿילק [=
געבֿעלק] פֿון בֿית המקדש איז ניט אײַן גפֿלן אַל
דער ווײַל דז די מלכים פֿון יהודה וואַרן פֿרום,,,
סהמ, משלי, יא, 11. ,,דער הקדש נעבֿעך חלשט,
וויל א, און ליגן ווי אַ בֿאַרג מיסט אויף דער
ערד“, ממוס ␣ישקע. ,,איך וויל אים ניט שעלטן:

אַ קאַזאַרמע זאָל אויף אים א',,, שע, ט␣יה.
“בֿעסער זאָלן א, צען קלויסטערס — איידער
דײַן מינדסט פֿינגערל זאָל דיר ווײ טאָן (אויך
אַנדערע נוסחאָות פֿאַר דער צווייטער העלפֿט
זאַץ)“ פֿוול, “בֿ, ז, א, צ, ק, — איידער מײַן
—
מאַן (קינד אע) זאָל חלילה א,,, פֿוול [← בֿ2].

2. פֿלוצעם זייער ערנסט קראַנק ווערן.
אַוועקפֿאַלן. א,, קריגן אַ שלאַק. א, און אַנהייבֿן
גוססן. “הײַנטיקע נאַכט איז אײַנגעפֿאַלן מײַן
מאַן, מע האָט אים קוים דערראַטעוועט“, ממוס,
טאַקסע. ,,[דעם קינדס] שווער אָטעמען האָט
בֿיידן דערשראָקן. מער פֿעלט זיי ניט, נאָר

ס'קינד זאָל זיי חלילה א'", בּ. דעמבּלין,
צאַנקענדיקע ליכט „האָט געמיינט, ווען ער איז
אײַנגעפֿאַלן, אַז דער מלאך־פּײַוויש שפּילט זיך
מיט אים„, י. העשעלעס, גיטעלע ציגאַנקע.

אײַנפֿאַלן

□ □ -.

3. אויך בּכלל קראַנק ווערן. „אַלע פֿאָר
חדשים פֿלעגט ער א, אין אַ קרענק„, רייד (מוש,
וורר). "ווען עס פֿאַלט אַ קינד מיר אײַן, קיין
דאָקטער איז ניטאָ, אָ, ווי ס'ווערט מיר פֿינצטער
דאַן די שיינע ווײַסע וועלט„, י. בּלומשטיין, 'די
זילבּערנע ראַנטשאָ, [אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִד,
ליט, אין אַרגענטינע]. "צו בּאַקומען
אויסגעצאָלט די גאַנצע שׂכירות אַפֿילו אין דער צײַט
וואָס אַן אַרבּעטער איז חלילה אײַנגעפֿאַלן",
ד. י. זילבּערבּוש, מענשען און געשעהענישען II,
ווין 1931. „וואָלט איך ניט געווען אַ קרענקלעך
קינד וואָס איז אָפֿט אײַנגעפֿאַלן...", ה. אַקער □
מאַן, טמז, 23 8 □)19 III.
4. אײַנציִען זיך. ווערן אײַנגעבּויגן,
אײַנשרומפּן זיך. גערונצלט ווערן. פֿאַרלירן דאָס

געזונטע אויסזען. מאָגער ווערן. אַראָפּפֿאַלן פֿון פּנים. מסט פֿאַרטײַטשט 'ולמה נפֿלו פֿניך, (
בּראשית ד, 6): ,,זי זײַן אין גפֿאַלן,,. ,,וויא דר יונג האָט גיהערט... וויא זיא אים האָט פֿר שמעהט, דא וואַרן אים זײַן אויגן איין גפֿאַלין", איבּז, בּן המלך והנזיר, זשאָלקעוו 1771.
"דאָס געזיכט וועלכעס איז אימער געווען פֿול איז יעצט אײַנגעפֿאַלן און ווי פֿאַרוועלקט געוואָרן", איבּז, הנ"ץ, שולמית..., לובּלין 1875.
,,די נשמה אין מענטש שרומפּט זיך אײַן..., דעריבּער פֿאַלט אײַן די הויט און קנייטשט זיך ווי אַ פֿאַרמעט", פּרץ, חסידיש. ,,ן ייערע אַקסלען פֿאַלן אײַן אונטער דער לאַסט פֿון ליכט", ר. זשיכלינסקי, שווײַגנדיקע טירן.

5. אַרכ. אָנפֿאַלן, איבּער אַלן. אַרײַנדרינגען מיט כּוח. אַרײַנרײַסן זיך. ,,אונ אונטערווײַלן שיקט גוט חיות רעות אם אבֿנט [= אָוונט] פֿלן זיא איינום אין הויז אײַן", סהמ, איובֿ, לז, 8. ,,... ווײַל אונזר פֿירשט איז אין זײַנם בּעשׂטן שלאַף, דיא וועלן מיר אײַן פֿאַלן אין זײַן הוף אונ, מיר וועלן אים דער שלאָגן און טיטן", ספֿר משל הקדמוני פֿפֿאָ תּש"ד.

6. אַרכ. אַרײַנמישן זיך, איבּערשלאַגן רייד.

,,קיין קינד טאָר זײַנם פֿאָטער נאָך מוטר אין
אירי ריד אײַן פֿאַלן...,,, לט1, צ/א. ,,און,
איינר איז ניט אין גפֿאַלן אין דיא ריד פֿון זײַן
(חבֿר)‘‘, שאַר, יט/ב.
אײַנפֿאַלן — דריטפּערזאָניק. ← דפֿוו. 1.

אַ

-

רויפֿקומען אויפֿן זינען. אומגעריכט קומען
אויפֿן געדאַנק. מיר איז אײַנגעפֿאַלן אַז....
אַ געדאַנק פֿאַלט אײַן אין קאָפּ. עס פֿאַלט אים
גאָרניט אײַן צו קלערן. ,,ווען איינם איין
פֿרעמדי מחשבֿה אײַן פֿאַלט אין דיא תפֿלה, זאָל
ער איין וויניג שטיל הלטן, ביז פֿון אין די
מחשבֿה אַוועק גיאט‘‘, עח, מ/ד. ,,עס פֿאַלט זיי
גאָרנישט אײַן אַז צו באָרשט דאַרף מען קיין
ציינער נישט‘‘, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
2. דז וועגן אַ קאָמפּליצירטן ענין. עס איז
גאָרניט אײַנגעפֿאַלן די יִדן פֿון אַלעקסאַנדריִע
אָדער פֿון... איטאַליע אַז זיי זײַנען אין
גלות‘‘, קאָר II. ‘‘עס וועט שוין איצט מער
קיינעם ניט א, צו איזאָלירן די ליטעראַטור
פֿונעם אַרומיקן לעבן‘‘, שנ, קריטיק און

קריטיקעך.

אײַנפֿאַלן

--

3. באַנעמען אינטואיטיוו. „איך האָב זײַן שיטה ניט פֿאַרשטאַנען, און ערשט בײַם סוף פֿון זײַנע רייד איז מיר אײַנגעפֿאַלן וואָס ער איז אויסן“. „די דאָזיקע מחשבֿה, וועלכע איז אײַנגעפֿאַלן שמעי [בן גרא] אין זײַן האַרץ און זײַן מוח, איז אָראָפּגעקומען פֿון גאָט“, תּניא, רעו.

4. דערזען פֿאַר זיך אַ פּלאַן, אַן אויסוועג, אַן אופֿן עפּעס צו טאָן וואָס איז פּאַסיק. „זאָל דיר ניט א, צו אַנטלויפֿן, ווען דו מוזסט באַצאָלן פֿאַרן קויפֿן“, שוו. „דיזיש איזט מיר נאָך איין גיפֿאַלין דאז אייניג מיטיל מיר מײַן לעבין צו ערהאַלטין„, גה, 281. „אין זײַן [דעם פֿאָטערס] זכות טאַקע איז ביידן אײַנגעפֿאַלן געבן דעם זון זײַנעם, דעם יתום, צוויי טעג, פֿרײַטיק און שבת“, ממוס, שלמה. „נאָך איידער ס'איז אײַנגעפֿאַלן דעם שדכן... ער זאָל רעדן דעם דאָזיקן שידוך...„, שע, קליינע מענטשעלעך....

5. גיך דערטראַכטן זיך צו אַ שפּיצל, המצאה,

פֿאָרטל פֿאָרמולירונג אע. געפֿינען אויף דער
,
שטעל אַן ענטפֿער, אַ תּירוץ אָדער אַ קשיא.
ס'פֿאַלט אײַן אַ פֿאָרטל אע. בײַם לערנען פֿאַלט
אײַן אַ האַרבע קשיא. „מיר געפֿעלט ניט דײַן
תּירוץ, מיר פֿאַלט אײַן אַן אַנדער תּירוץ, אַ
בעסערער„. „אונערוואַרטעט [= אומגעריכט]
ענטפֿערט ער מיר אויף אַ תּירוץ„, ראו ן
ברײַנין, שרי טן, וואַרשע תר"ע. „צום גליק איז
ראָבינזאָן אײַנגעפֿאַלן אַ פֿאָרטל וועלכער זייער
גוט געראָטן איז", ראָבינזאָן קראוזע, וואַרשע
1874. „[אים] איז אײַנגעפֿאַלן אַ זעלטן קעפֿל
פֿאַר זײַנע פּופּציק שורות כראָניק", בערג, בײַם
דניעפּער II. „איז אים אײַנגעפֿאַלן, ער זאָל
באַצאָלן עטלעכע געזונטע יונגען, מע זאָל אים
[זײַן שׂונא] אָן אַ זײַט גוט מכבד זײַן„, ב.
בעקערמאַן, זב, דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע
.1895
6. זיך (ניט) ריכטן אויף עפּעס. אָפּט מיטן
ב אַ חשד, אַ פֿאַרדאַכט קומט אַרויף (
געוויינלעך אין אַ נעגאַטיוון זאַץ). עס האָט גאָרניט
געקאָנט א אַז.... "אים פֿאַלט גאָרניט אײַן
,

אויב דער ווײַן כּשר געמאַכט איז“, הרבֿ מרדכי הורוויץ, ספֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866. „איז קיינעם... ניט אײַנגעפֿאַלן מע זאָל אין אַזאַ טאָג [ערבֿ יום־כּיפּור] ווערן אים מקבֿר זײַן„, הר בנימין גרינבערג איבֿז, ספֿר נפֿלאות הזהר, מאָנטרעאָל 1927. „דענסטמאָל איז גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן אַפֿילו איבערצוטראַכטן אַז אין דער פֿירונג פֿון דער וועלט קען געמאָלט זײַן פֿעלער“, ממוס, ספֿר הבהמות.

7. אײַנשטילן זיך, שוואַכער ווערן. „נאָך זיבן יאָר פֿאַלן אײַן סײַ גליק סײַ אומגליק„, שוו. „ערשט מיטן צופֿאַלן פֿון אָוונט איז די בהלה אַ ביסל אײַנגעפֿאַלן„, ב. דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט.

8. אַרויסקומען מיט אַ ווערעניש, אַ קאַפּריז, אַ פֿאַנטאַזיע, אַ באַגער. א, עפּעס אָן שום שׂכל, אָן איבערטראַכטן. „ווי פֿאַלט דיר אײַן צו טאָן אַזאַ משוגעת?“. “ער רעדט אַלצדינג וואָס פֿאַלט אים אײַן“. “אַ משוגענע! וואָס וועט איר נאָך אין קאָפּ א'!„. „אַז דעם כּלבֿ פֿאַלט אײַן

צו בילן — בילט ער„, שוו. „ווען וועט אָבער

א אַ גאַנץ יאָר, ער זאָל דיר [דער מאַלפּע]
,
וועלן נאָכמאַכן אויף אַ האָר?,,, עט, משלים.
,,מאָדעס... וואָס וועלן ערשט אַמאָל א, אַ
שנײַדער, אַ מאָדע־מאַכער,,, ממוט, צוריק
אַהיים פּע, טבֿיה... וואָס איז דיר פּלוצעם
,,
הײַנט אײַנגעפֿאַלן גזלנים?‟, שע, טבֿיה. ,,דאָס
הייסט ניט אַז ס'איז ,הפֿקר אַ וועלט, און מע
קאָן טײַטשן און פשטלען אַ קונסטווערק ווי
איינעם פֿאַלט אײַן‟, שנ, קריטיק און קריטיקער.
*א אַ שמע־קולנו (אין קאָפּ) = אָ משוגעת, אַ
,
ווילדער געדאַנק. ,,בײַ אַזאַ שלעכט וועטער פֿאַלט
אים אײַן אַ ש'־ק, אין קאָפּ אַרויסצוגיין אויף
אַ שפּאַציר‟, בער י. ראָזען, ייִשפּ I י, 3 — 6.
אויך: אַ נ ײַ ע ר ש'־ק'.
9. זיך דערמאַנען. עס פֿאַלט אײַן אַן אַמאָליקע
באַגעגעניש, אַ שטעל אין אַ בוך וואָס מע האָט
געלייענט העט ווען, אַ בילד וואָס מע האָט געזען
אע. ,,פּלוצעם איז אים אײַנגעפֿאַלן דער פּסוק
פֿון תּהילים...‟, אַש, תּהילים־ייִד.
1O. וואַרפֿן זיך אין די אויגן. ‟עס פֿאַלט
גלײַך אײַן אַז דאָס איז ניט קיין בילד פֿון

אַ קינסטלער,,. ,,לעזט איר דיזע פּיעסע [שיילאָק], פֿאַלט איַיך באַלד איַין די געמאַכטקייט פֿון דער גאַנצער אינטריגע“, דאָס נײַע לעבן, נ,,י, סעפּט, 1911.

11. (← דפֿוו, ב4) אויפֿהערן פֿונקציאָנירן, שטיין בלייַבן, ווערן פֿאַרגליווערט (פֿון שרעק, פֿון אַ שווערער איבערלעבונג). עס פֿאַלט איַין דאָס ה אַ ר ץ , דאָס ב ל ו ט , די ב ל ו ט ן , די ג ע ב ל י ט ן , די ד מ י ם , דער מ אַ ־ מ ע ס מ י ל ך. ,,און ווי פֿאַלט אים איַין די בלוט אַז יענער גובֿה קומט און לייענט אים

פֿאָר דעם קאָנטע־בוך,,, ר, יעק־ מדובנא, משלי חכמה, ווילנע תּר,,ן. ,,אַ קוק טוענדיק אויף איר, פֿאַלט אים איַין ,די דמים,,,, אַר, ,גבֿירה'שע מצה, פֿאַלט אים דאָס האַרץ איַין פֿאַר שרעק, - . ,,

און אַנגסטן באַגיסן אים“, אַש, תּהילים־ייִד. ,,איז מיר אַלץ מיטאַמאָל איַינגעפֿאַלן,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.

־עכ־ן — אָפּט מיט ביטול. ־עניש.

איינפֿאַלעוודיק — אַדי. וואָס האָט איַין־־

פֿאַלן. ,,זי [די מוטער] איז ניט בלויז שטרענג, -

נאָר אויך א'" פֿרויען, זב, מאָסקווע 1928.

,
איַינפֿאַלעריש — אַדי. וואָס האָט אַן
איַינ־־
פֿאַל (← ב6), אַ המצאה. וואָס איז אין דער
טבֿע פֿון (כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַ המצאה.
א'ע ענטפֿערס. „די מענער... דאַרפֿן זיַין קלוג,
א', שאַרפֿזיניק„, נ. זאַלאָוויץ פֿאָר, 1961 III י 3.

,
־קייט — זיַין א, איז ממש געניאַל. "שאַרפֿע
א'„, לעאָן האַלפּערין, טמז, 14 1957 II.
איינפֿאָלקיש — אַדי. וואָס איז (באַשטייט)
נאַר פֿון איין פֿאָלק. אַן א, לאַנד —קייט —

.
„א, איז אַ מזל־ברכה פֿאַר אַ לאַנד„.
איינפֿאלרייך — אַדי. וואָס האָט (איז מסוגל
־־ ־ ־
צו האָבן) אַ סך איַינפֿאַלן, המצאָות. אַן א'ע
פֿראָגראַם. אַן א'ער אָנפֿירער פֿון אַ געשעפֿט.
־קייט, מאַרק ווב.

איינפֿאַ טן

-

איינפֿאַלצן

— טרוו פֿאַלץ אײַן, ~געפֿאַלצט.

—

.

אײַנקנייטשן. א, פּאַפּיר. א, די בראָשור. ־דנג.

איינפֿאַלשעווען

— טרוו ־שעווע אײַן, י,,

גע ־

.

— לשעוועט. פּ־ פֿאַלטשעווען.

אַרײַנפֿאַ פּ: ~

ברענגען, אַרײַנפֿירן עפּעס וואָס איז פֿאַלש, אָפּנאַרעריש. א, אין אַן אָפּמאַך אַ פּונקט וואָס איין צד האָט פֿון דעם ניט געוואוסט.

-

איינסאַנגען פֿאַנג אײַן, ~געפֿאַנגען.

— —

אוטוו פֿטמ, רומ אָנהייבן (זיך). ״ער האָט

אײַנגעפֿאַנגען דעם גרויסן צו שפּילן,,, פֿוול.

,,עס האָט ווידערום אײַנגעפֿאַנגען יודנהאַס צו

הערשן,,, יע)ראָל אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל,
אַס 1893. טרוו אַרײַנכאַפּן (ווי) אין נעץ.
י —

א, דעם גרויסן פּיש. ,,עס רופּט און מונטערט
אײַנצופּאַנגען דאָס ביסל פֿרייד און דאָס ביסל
גליק, וואָס קען דערגרייכט ווערן,,, ש. ביקל,
שר .בער פֿון מײַן דור I.

-

אײַנסאַנדן — טרוו. פּאַנד אײַן, ~געפּאַנדט.
אַרײַנקריגן אַ זאַך, אַ משכּון (וו אַ פּאַנד) בײַ
י

אַ שפּיל, וואו דער וואָס פּאַלט אין עפּעס דורך
גיט א פּאָנד פּריִער ועלן אַלע א אַ טיכל,
— —. ,, ,
אַ היטל, עפּעס, דערנאָך ועט מען אויספּאַנדן,,
.(313 ,.)

-

איינסאָנדן — טרוו פֿאָנד איַין, ~געפֿאָנדט.

—

.

פּפֿ: ~פּאָנדירן. בּיסקאָ וובּ. אַרײַננעמען, אײַנשליסן אין פֿאָנד. א, אַ ירושה, זי ניט אויסגעבּן אויף די איצטיקע הצטרכותן.

-

איַינסאַנטאַזירן —אוטוו & טרוו. ־זיר איַין,

י,,(גע)פֿאַנטאַזירט. ווירקן אויף עמעצן ער זאָל גלייבּן עפּעס אַ פֿאַנטאַזיע. אײַנרעדן אַזוינס וואָס איז ניט מיגלעך. ,,מע דאַרף ניט א, אין די קינדער כּישוף און מכשפֿים,,.. ,,[יוסף] וויל דעם פֿאָטער א'... דאָס ער מוז בּאַהערשן זיַינע בּרידער'', ירמי, יוסף יאַקאָבּזאָהן, המאיך לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. מיט ז י ך — אײַנרעדן זיך אַזוינס וואָס איז ניט בּהסכּם מיט דעם וואָס איז פֿאַראַן. א, זיך אַ מאַנקאָליע אין

קאָפּ. ־ונג.

איינפֿאַס — דער, ־ן. 1. אַקט און רעזולטאַט
--
פֿון אײַנפֿאַסן. אַ גערעאָטענער, אַ שיינער א'.
2. ראַם, רעמל, גערעם. אַ פֿינגערל מיט אַ
פּלאַטינענעם א'. „ירושה וואָס האָט זיך
אָפּגעלייגט אין ייִדישן געמיט אין א, פֿון דער
ייִדישער נאַציאָנאַלער פֿאָרעם„, בּ. ריווקין,
גרונטטענדענצן....

איינפֿאַסונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
-

רעזולטאַט פֿון אײַנפֿאַסן. א, פֿאַרן בּילד(ל).
2. דזוו אײַנפֿאַס, בּ2 די א, פֿון (פֿאַר) דעם
טײַערן שטיינדל. "אײַנגעראַמט אין א'ען פֿון
גאָלד זאָלסטו זיי [די אָניקלשטיינער פֿון אפֿוד]
מאַכן", תּי, שמות, כח, 11.

איינסאַסטן — טרוו פֿאַסט אײַן, ~געפֿאַסט.
—
אַרכ .Mhd: în+vast איינפֿעסטיקן,
אַרײַננעמען אין (אַרומנעמען מיט) אַ בּינדונג. דזוו

איַינפֿאַסן. "דרום זאָל מן אויך דען עניין וואָל
איַין פּסטן אונ, גידענקן", סהמ, לובּלין שפ"ו,
הקדמה צו כ[תובים. ,,איר מושׂט דיזושׂ וואול

איַינפּאַסטן זיך

פֿר שטיהן אונ, איַיך איַין פֿאַסטין, דאַמיט איך
ניכט בּרויך... צו חזרן", מ. ז. איידליץ, מלאכת
מחשבֿת, פּראָג תּקל,,ה.

איַינסאַסטן זיך — אוטוו. פֿאַסט זיך איַין,
זיך ~געפֿאַסט. זיך צוגעוואוינען צום פֿאַסטן.
,,מיַין זיידע האָט פֿערציק יאָר געפֿאַסט יעדן
מאָנטיק און דאָנערשטיק. האָט ער זיך
איַינגעפֿאַסט און עס האָט אים ניט געאַרט. אָבּער
מיר אין געטאָ האָבּן ניט געקענט זיך א'".

-

איַינסאַסן — טרוו. פֿאַס איַין, ~געפֿאַסט.
1. אַריַינשטעלן אין אַ ראַם, אין אַן

אַרומרינגלונג. אײַנראַמען, אײַנרעמען, אײַנרעמלען. א, אַ בילד. א, דעם בריל אַנט. „מע דאַרף זײַנע א
י
ווערטער א, אין גאָלד און טראָגן אויפֿן האַלדז (האַרץ) ווי אַן אויבל", פֿוול. "דו האָסט מיר דײַן בילד ניט געגעבן, / פֿאַר לײַטן האָט דיר ניט געפֿאַסט; / דאָך האָב איך, מײַן נחת, מײַן לעבן, / דײַן בילד אין מײַן האַרץ אײַנגעפֿאַסט", אַר, 'דײַן בילד'. „דער... ראָמאַן... שטרעבט אײַנצופֿאַסן דאָס אינעווייניקסטע בילד פֿון אַ מענטשנס גורל אין דער ראַם פֿון דער סאָציאַלער סבֿיבֿה", שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II. „מיט נײַער בלויקייט און נײַעם ליכט וועל איך זיך אײַנהילן, און א, וועל איך דיך ווי אַ זון אין מײַן לעבנס־ספֿער„, ייִש איבז, ח. נ. ביאַליק, 'מגילה פֿון פֿײַער'.

2. אַרײַננעמען אין געדאַנק, אין זיך. אײַנ־ א גלידערן. "דײַני ברודר דוא זאָלשׂט גידענקין צו פֿריד אונ, איר בישירמונג זאָלשׂטו דיר אײַן פֿאַסין אונ, נעמין אין דײַן הערץ", סהמ, שמואל א, יז, 18. "זי זאָל טראַכטן ווי אַרום זי זאָל אים קאָנען העלפֿן פֿון וועגן דעם באַהעפֿטונג וואָס איז אײַנגעפֿאַסט אין זיי„, חה, ב, 319. „די זאַך ניט אין זײַנה גדאַנקן אײַן צו פֿאַסן",

אבֿן ימtראל, מעץ 1766, ט/ב.

מיט ז י ך — ,,קאַזמערזש, ביסט איצטער נאָך שענער געוואָרן; אין ראַם האָט זיך פּלוצלינג אַ בילד אײַנגעפֿאַסט‘‘, סעג, 'אין קאַזמערזש'. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

אײַנסאָצקען — טרוו. ־קע אײַן, ~געפֿאָצקעט.
פֿעיאָ. 1. אײַנפֿוצן. ‘‘האָסט אײַנגעפֿאָצקעט די טאָכטער, אָבער פֿאַרגעסן זי אַרומצוּוואַשן‘‘. א
2. דזוו אַרײַנפֿאָצקען, אַרײַנשמײַסן. א, אין הינטן. מיט ז י ך — זיך א, ווי אַן אַלטע שקראַבע. ־עניש.

אײינסאָקוסן — טרוו. ־קוס אײַן, ~געפֿאָקוסט.

אַרײַננעמען, אײַנשטעלן אין פֿאָקוס (ביים פֿאָ־ א טאָגראַפֿירן, בײַם ניצן אַ מיקראָסקאָפּ און אַנדערע זע־אַפּאַראַטן). א, דעם טראָפּן בלוט.

איידער מע טוט אַ דריק דאָס קנעפּל (הענטל),
דאַרף מען ריכטיק א'.
איַינפּאָר־ — דעם אויסטײַטש פֿון די א
— — — —

ווערבן מיטן קאָנווערב אײַן פֿאַרן
ווערבאַלן פּרעפֿיקס פֿאַר־ ← פֿאַר...
איַינפּאָר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנפּאָרן.

אַ גרינגער א'. 2. דזוו אײַנפּאָרהויז (←). „די
מאַמע עליה־השלום איז געווען די אשת־חיל צום
שענק און צום א'", יאַ, דאָס שטערינטיכיל.

12()()

„אַוועק אין די א'ן, אין די קראָמען הערן ווי
עס האַלט די מקחים...„, tזמחה בּרייטמאַן, דיא
געשיכטע פֿון אַ לאָנדאָנער ר , וואַרשע 1882.
„אַן א, איז ניט קיין אַכסניה און ניט קיין
האָטעל, נאָר עפּעס צווישן די צוויי מינים אָדער
בּיידע מינים אינאיינעם„, שע, פֿונעם יאַריד II.
„קעגנאיבער די אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהענגלעך
און די דינע ווענט פֿון א, טוען זיך אָפּ מעשׂים",

בּערג, 'יוסף שור'.

3. אָרט פֿאַר דער וואַך בײַם אַרײַנפֿאָר אין אַ שטאָט, שטעטל. בײַדל, בּודקע לעבּן אַ ראָגאַטקע, שלאַגבּוים אע. דרייזין וובּ.

ייִנסאַרבּיק — אַדי. 1. וואָס איז פֿון איין קאָליר. א'ע וועגט. א'ע אילוסטראַציעס. 2. מאָנאָטאָן. וואָס איז אָן שינוי. „דאָס לעבּן איז געוווינען אַזוי א', איין טאָג איז אַזוי ענלעך אויפֿן צווייטן“, בּ. גאָרין, שפֿרה, נ"י 1910. „די זאָגערין איז זייער אויפֿריכטיק, זי 'זאָגט, מיט הארץ..., אָבּער... אַזאַ אויפֿריכטיקייט איז איינטאָניק און א'“, מוק, טעאַטער און ייִדיש טעאַטער. "יענע טעג זענען אויסגעפֿילט געווען, און נישט איינטאָניק און א, זענען זיי געווען“, הר משה חיים בּלויא, אונזער וידוי, לובּלין 1934. ־יקייט — "מיט דער א, פֿון אַ ליטווישער לאַנדשאַפֿט“, ימ פֿון צײַט צו

,

צײַט, קאָוונע 1927.

-

ייִנסאַרבּן — טרוו פֿאַרבּ איַן, ~געפֿאַרבּט —

.

(~געפֿאָרבּן). 1. איַינשמירן אַ ביסל אָדער (ווי) ניט־ווילנדיק מיט פֿאַרבּ. זיך אַרויפֿזעצן אויף יאַגדעס און א, דאָס קלייד. "אָנטאָן אויפֿן קאָפּ א פּענכער און אים א', גלײַך דו האָסט דעם גראָבן גרינד", טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839. 2. אַרויפֿלייגן פֿאַרבּ, ס'זאָל האַלטן אַ קורצע צײַט. א, די ליפֿן. א, דאָס פּנים מיט שמינקע פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג. 3. פֿיג. מגזם זײַן. צוטראַכטן פּרטים. א, אַ מעשׂה, אַ פּאַסירונג און זי מאַכן אינטערעסאַנטער. מיט ז י ך — „די פֿאַרבּשטאָפֿן וואָס די וואָל קען זיך אין זיי אַנדערש ניט א', סײַדן מע קאָכט די וואָל אין פֿאַרבּ", ש. שפּירא, קליידער־ אַרבּערײַ, וואַרשע 1900 ־ונג ־עכ ן ־עניש.

. . .

־ער.

-

ייִנפֿאַרבּעטן— טרוו פֿאַרבּעט איַן, ~

פאַר—
.
בעטן. דזוו פאַרבעטן, נאָר צודרינגלעכער, אָדער העפלעכער. „מן העט אײַן פֿרבעטין זיא זאלין דשׂ משפט צו אין קומן לאזין“, 'כ“י וועגן מעצער עליל־דם', 1669 [פֿש III].

ייִנסאָרדערן — טרון. ־ער אײַן, ~

געפֿאָרדערט. דטשמ. נר. דזוו אײַנפֿאָדערן ←. „... ווען די צײַט קומען ווערט וואו השי“ת א, ווערט די עלבונה של תורה“, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע ות II, סאַטמאַר תרפ„ה.

ייִנסאָרהויז — דאָס, ־הײַזער. הויז פֿאַר ניט־אָרטיקע צו זײַן אַ קורצע צײַט, געוויינלעך אויך וואו מע קריגט צום עסן. (מאָדערנערע) אַכסניא. . אײַנפֿאָר. „די א'הײַזער אָדער אַכסניות טיילן זיך אײַן בײַ אונדז אין צווייערליי

קלאַסן. צו איינער קלאַסע געהערטן די ייִדישע
אַכסניות, ד״ה די א'הײַזער וואָס פֿאַרקערן אַהין

-

איינפּאָרמיק

נאָר ייִדישע אורחים....,, אמד, רויזע פֿינקעל,
ווילנע 1874. ,,נומערן... [פֿון] איינער
פֿריצעסע אַכסניא אָדער א',,, אמד, יהודית דיא
צווייטע, ווילנע 1875. ,,און מע האָט נאַזנאַטשעט
[באַשטעלט] אַ קוואַרטיר פֿון אַן אָפֿיצער וועגן
בּ— אַ ייִדן אין אַן א'“, קמ, 33 l864, No. ,,
זייע י
רע עלטערנס פּרנסה איז איצט אַן א'“, שע,
פֿונעם יאַריד II. ,,וואו נאָר אַן א, באַלאַנגט
דאָס צו אַ ייִדן“, ספּ, גליקליכע און
אומגליקליכע.

--

אײַנסאַרהיטן — טרוו. ־היט אײַן, ~פֿאַרהיט
(~פֿאַרהיטן). אינגאַנצן פֿאַרהיטן. ניט
דערלאָזן צו עפּעס. ,,דאָך איז דאָס קליין ביסל

[זויבערקייט], וואָס איז אין אַזוינע באַדינגונגען נאָך מעגלעך איינצופֿאַרהיטן, פֿון אים ניט אַוועקגענומען געוואָרן,,, נם, משפּחה מאַשבער II.

איינפֿאַדהעלטערין — די, ־ס. ווער עס

-

האַלט אַן איינפֿאָר, אַ גאָרקיך אע, אַ געשעפֿט וואָס גיט צום עסן פֿון דער צווידייטיקייט

. ,,

פֿון דעם וואָרט זונה אין העבֿרעאיש איינע א, און אויסגעלאַסענע קען מען שוין גענוג מערקן ווי וויַט דיזער געשעפֿט וואַר פֿאַראַבט אין יענע צייַטן אויך", אמד, רויזע פֿינקעל, ווילנע 1874.

איינפֿאַרטיקן — טרוו. ־טיק איין, ~ געפֿאַר ־

טיקט פֿאַרטיק מאַכן, אָבער ניט ביזן סוף.

.

בלויז א', ניט אויספֿאַרטיקן פֿאַרן קונד. א, די שווערע אַרבעט. מיט ז י ך.

איינפֿאָרכטן — טרוו פֿאָרכט איין, ~ גע— *

פֿאָרכט. איינשרעקן. א אַ קינד מיט מעשׂיות

,
וועגן מכשפֿים. אויך מיט ז י ך.
איינפֿאַרלאַנגען — טרוו. ־לאַנג איַין, ~
פֿאַר־־
לאַנגט. איַינפֿאָדערן, איַינמאָנען פֿאַרלאַנגען
.
מע זאָל אַריַינברענגען. א, די חובֿות פֿאַר די
ראָש־השנה־באַגריסונגען (קאָוונע). א, די ביכער
פֿון ביבליאָטעק.
איינפֿאַרלייבונג — די, ־ען. דטשמ. נר.
־
איַינגלידערונג. ״די [קריסטלעכע] היימען
זיַינען... געבליבן פֿאַרשלאָסן, און די ייִדן האָבן
געוואָלט דווקא אַן אַבסאָלוטע א׳״, דא, פֿאָר,
30 1959 .II
איינפֿאָרמי — אַדי. פּ־ פֿאָרעמדיק.
ק
־,
1. וואָס האָט נאָר איין פֿאָרעם. וואָס איז אין
אויסזען גליַיך צו אַנדערע פֿון דעם זעלביקן
מין, דער זעלביקער גרופּע. זיַין אָנגעטאָן א׳.
א׳ע מאַשינאָווע פּראָדוקטן. ״די א׳ע באַוועגונג
רופֿט מען אַ באַוועגונג, ווען די זאַך מאַכט אין

יעדן מאָמענט פֿרן צײַט איינע און די זעלבע
שטרעקע“, דר, אבֿ. קאַספּע פֿיזיק, נ“י 1916.

,

2. מאָנאָטאָן. דזוו איינפֿאַרבּיק, בֿ2. א, גערויש
פֿון ים. א'ע מאַטערנישן פֿון טאָגטעגלעכקייט.
“זייער לעבן האָט זיך געפֿליסט א'“, ל. לעוויץ,
רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
“... וואו א', אָן שינויִים בּליט דער עץ־החיים
אייביק און אָן גלוסטונג,,, הל. ־יקייט —
,,די איינפֿאָרמיקייט פֿון צײַט און רוים,,, ל.
ליפּאטקין, פֿאַש, 30 1948 I. ,,אידעאַל פֿון
מאַשינאָווער איינפֿאָרעמדיקייט,,, ייִבל XXI, 27.

-

אײַנפּאָרמירן

-

אײַנסאָרמירן -- טרוו. ־מיר אײַן ~(גע)
פֿאָרמירט. אײַנשטעלן אין אַ געוויסער פֿאָרעם.

א אַן אַרבעט. א, דאָס ביוראָ פֿון דער נײַער

,

געזעלשאַפֿט. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

--

איינסאָרן פֿאָר אײַן, בּ י ן [וועגן ה אָ בּ

— —

← אויסלויפֿן, 265]. אוטוו & אַקוזוו —

1. דורכפֿאָרן (גיך) אַ (קאָנטיקן) טייל פֿון גאַנצן וועג. א אַ האַלבן וועג. א, נאָר אַ ביסל.

,

*א אַ וועלט = גיך, אַ סך דורכפֿאָרן. מ פֿאַר

,

טײַטשט ,ויעבֿור, (בּראשית, יב, 6): ,,און, ער איין פֿאָרט" [תּי: "דורכגעגאַנגען,,]. "אין איין נאַכט איז [דער בעשט] אײַנגעפֿאָרן עפּעס אַ גוזמא מײַל,,, כּ,,י ייִדישע הקדמה צו ,מגלה טמירין, [ייִבל XIII, 67]. ,,מען איז שוין

אײַנגעפֿאָרן שטאַרקע דרײַ ווערסט", בּרוך שפּטר י, בּעל־עגלות דערציילונג, וואַרשע 1880. ,,בּיז נאַכט קענען מיר גאַנץ ווײַטלעך א"", ממוס,

פֿישקע. „ער האָט אַרויסגעזען בּאַשײמפֿערלעך,
אַז מיט אַזאַ שלעפּן זיך... וועט ער ווײַט ניט
א',„ שע, לכּבֿוד יוס־טובֿ I. „אַז מיר זענען
געקומען צו פֿאָרן אויפֿן אָרט, האָט שוין די
זון געהאַט אײַנגעפֿאָרן אַ שטיק הימל,„ שע,
אָרעמע און פֿריילעכע II.

„ער וועט מיט זײַנע ליגנס (שקרים) ניט
ווײַט א'“ פֿוול = ער וועט דורכפֿאַלן איבּער

,

די ליגנס. „אַזאַ ▯ אָרער וועט מסתּמא ניט ווײַט

-

א, מיט זײַנע שקרים, וואָרעם פֿון טאָג קען
מען ניט מאַכן נאַכט,„ ייִפֿאָל, 9 1890, No.
2 פֿאָרנדיק אָנקומען צו דער צײַט צום

.

בּאַשטימטן אָרט. בּכלל דערגרייכן דעם ציל. א,
בּיז דער קרעטשמע איידער עס פֿאַלט צו די
נאַכט. „גיי בּהדרגה און מיט מתינות, יאָג ניט,
וועסטו גיכער א,„, קמ, 42 1866, No. „
סטודענטן וואָס שטעלן אויף זיך, אַז זיי וועלן א,
אָן דעם פּראָפֿעסאָר...„, קמ, 45 1864, No.
„בּיז שבּת איז נאָך ווײַט, וועסט נאָך א'“ פֿוול —

,

יאָג זיך ניט, האָסט צײַט, וועסט דערגרייכן
דײַן ציל. „שטופּ זיך נישט צו פֿיל..., א ִיל
זיך נישט, וועסט א"", טאָג, 26 XI 1957.
3. דזוו אַרײַנפֿאָרן. א, מיט אָ פֿאַיע אָן יט
פֿיר פֿערד נאַשפּיץ.
4. דערלאַנגען אַ קלאַפּ. א, עמעצן [דאַטיוו]
אין די ציין, אין בּאַק אַרײַן.
טרוו [ה אָ בּ אין פֿטמ דעדן אָפּטער ווי
בּ י ן] — 1. אויסלערנען גיין אין שפּאַן, פֿירן,
שלעפּן אַ וואָגן. א, אַ פֿערד, ער זאָל זיך ניט
בּריקען און ניט בּלײַבּן שטיין אין מיטן וועג.
שווער אײַנצופֿאָרן אַן אָגער. א אַ פּאָר אָקסן.
,
2. אָנהייבּן פֿאָרן מיט אַ נײַעם פֿאָר־מיטל און
מאַכן בּאַקוועמער פֿאַרן פֿאָרער. א, דעם נײַעם
אויטאָ, ראָווער אע. „אַפֿילו אָ שליטן דאַרף
מען א, און אַ קענער דאַרף מען אײַנלערנען,,,
שוו. 3. פֿאָרן איבּער אַ וועג און אײַנלייגן
אַ גוטע קאָליע, מאַכן בּאַקוועמער אויף צו
פֿאַרן מיט אַ וועג. א אַ נײַעם שאָסיי. א, דעם
,

ווענ וואָס איז פֿול מיט גרודעס. מיט ז י ך —
א, זיך אויפֿן ראָווער.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער.

-

איינסאָרעמדיק — אַדי. ← איינפֿאָרמיק.

1201

איינסאַרצן פֿאַרץ אײַן, ~געאָרצן. וואול.

אײַנזאָגן, אַרײַנזאָגן. „זע נאָר ווער ס'איז
געקומען א, זײַן וואָרט־שמאָרט. רוק זיך אָפּ,

אַלטער תּרח“. מיט ז י ך — וואול. אַנשטאָט
איַינאַרבּעטן זיך.
איי'נפֿאַרצע'ר — טרוו ־ער איַין, ...,
פֿאַרן .
-
צערט פֿאַרצערן, אויסגעבּן אויפֿן נייטיקסטן.
.
א, אין איין וואָך די שׂכירות פֿאַרן גאַנצן חודש.
א, דעם אַדערויף און ניט קענען צושטעלן די
אַרבּעט. מיט ז י ך — אויסגעבּן מער וויפֿל
מע פֿאַרדינט.
איינפֿאַרשטאַנד — דער, ־ן. הסכּם,

צושטי

-
-
מונג. ,,... זיך פֿאַרוואונדערן, פֿאַרוואָס ער זעט
ניט דאָ קיין א, צו זיַינע געוויינלעכע געבּרויכן“,
פּמ, מלחמה II.

-

איינסאַרשטאַנדן — אַדי. דטשמ. נר. ←
-

אײַנפֿאַרשטאַנען. ,,דאָס האָט מען אויסגעלייגט, אַז דער דיין איז א, מיט די בעלי־טאַקסע,,, צעד. ,,אין איינעם בין איך יאָ מיט אײַך א,,,, שע, זומער־לעבן.

-

אײַנסאַרשטאַנען — אַדי. פֿטמ און שפּעטער אין ליטעראַרישן באַנוץ פֿון דטשמ אײַנפֿאַרשטאַנדן. וואָס איז אין הסכּם, איז מסכּים, איז מרוצה. אײַנשטימיק. ,,איך בין ניט א, מיט מײַנע קאָלעגן,,, בעמ III.

איינסאַרשטיין — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ;

-
-

ב י ן ה אָ ב ,פֿאַרשטאַנען. מסכּים זײַן.

מרוצה ווערן. זײַן אײַנשטימיק. „מוזן זיך
אַלע א, און שטרעבן צו איין צוועק פֿון די
באַפֿרײַאונג פֿון אונדזער לאַנד„, י. י.
יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ מינעאַפּאָליס 1900. "אויפֿן
יסוד פֿון א, פֿון אַ מענטש און זײַן גאָט„, מלך
ראַוויטש, לידער און באַלאַדן. מיט ז י ך —
זיך צונויפֿרעדן. זיך פֿאַרשטענדיקן. קומען צו
אַ הסכּם. „לאָמיר זען צי מיר קענען זיך א'„.
„זי האָט קוים ענגליש גערעדט...
פֿונדעסטוועגן האָט מען זיך מיט איר תּמיד
אײַנפֿאַרשטאַנען„, דר, ה. זאָלאָטאַראָוו, גש I, נ„י 1924.

-

אײַנסאַרשטענדיק — אדי. וואָס גייט אײַן,
איז מסכּים. ווערט מרוצה. ← אײַנפֿאַרשטאַנען.
„זיי זײַנען אויך א, מיט מײַנער מיינונג?„, י. י.
יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.

-

איינסאַרשטענדעניש—דאָס (די), ־ן
פּראָ

--

צעס אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנפֿאַרשטיין (זיך).

הסכּם, אײַנשטימונג. צונויפֿרייד. „די

פֿרײַהייטל כע סטודענטשאַפֿט האָט זיך אין א, מיט די

פֿרײַזיניקע פּראָפֿעסאָרן פֿאָרבאַרייט צו

אַלגעמיינעם שטרײַק“, מ. קליינמאַן, יודישער

קאַלענדאַר לשנת תּרס“ט, לעמבּערג 1908.

-

איינסוגעוועז — טרוו ־געווע אײַן, ~

גע־ .

פֿוגעוועט. (סטאָליערײַ) אײַנשנײַדן, אײַנזעגן

רינעס. אײַנהעבּלעווען מיט אַ קאַנטיקן הובּל.

“דערבּײַ דאַרפֿן די איינצלנע האַלבּע בּרעטער

בּײַם א, דעם מיטלסטן טייל אויסגעלייגט

ווערן...“, בּער.

איינסוטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געפּוטערט.

אײַננייען פּוטער. א, אַ זומערמאַנטל, מע זאָל
אים קענען טראָגן אויך ווינטער.

אײַנפּיטערכ ן

אײַנסוטרעווען — טרוו. ־רעווע אײַן, ...„,
געפּוטרעוועט. (טאָקערײַ) אַרײַנפּאַסן אין אַ
געשטעל אויף צו קענען טאָקן. א, דאָס שטיקל
האָלץ.

איינפּוילן — אוטוו פּויל אײַן, ~געפּוילט.

אנהייבן פּוילן פּוילן אַ לענגערע צײַט, אָבער
ניט ווערן אינגאַנצן צעפּוילט. „דער אַלטער
דעמב פּוילט שוין אײַן„.. מיט ז י ך — (וועגן

צעפּוילעניש) היפּש טיף אַרײַנדרינגען. ,,
קריסטלעכע רדיפות... האָבן זיך אײַנגעפּוילט אין
די ביינער פון אַ גאַנץ פאָלק“, יג, טמז, 1963
.IX 29 ־עניש.

□

איינסונדעווען — טרוו. ־דעווע אײַן, ~
גע־.
פונדעווען. מאַכן, שאַפן אַ סאָלידן, זיכערן
יסוד פונדאַמענט, מצבֿ. אײַנפּעסטיקן
פאַרגרונ, .
טיקן. ,,אַ שווער געראַנגל וועט נאָך זײַן
אײַנצופּונדעווען די באַפעלקערונג“, אפּא, טמז,
.IX 19□4 28
מיט ז י ך — א, זיך אין לעבן. “זי שנײַדט
זיך אָפּ די מעגלעכקייט זיך אײַנצופונדעווען
אַ לעבן אין דער גרויסער שטאָט,,, ווײַס II,
'דער איבערגאַנג'. ,,ער קען זיך אַפילו אויף
איין חודש מיט אַ דירה ניט א'“, אַר, '
פראַגמענטן'. ,,קלאַפּן ייִדן פלעקער אין וואַסער
אַרײַן און מיינען אַז זיי פונדעווען זיך אײַן“,
אָפּאַ, 863 1.

אײנסוסיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין פּוס.
אַן א'ער טיש פּלעגט לעבּן פּאָנטאַן זיצן אַן
—
. „
א'ער אַלטיטשקער“, י. פּאַליקמאַן, די שײַנ
קומט פּונ מיזרעכ, מאָסקווע 1948.
אײַנפּודעמען— טרוו. ־עם אײַן, ~געפּורעמט.
פּרגל: ~פּאָרמירן. אַרײַננעמען אין אַ פּורעם.
אײַנשטעלן, אײַנבּויען. א, פּיגורן אין פּאַסאַד.
—ונג.
איינפּיגלעוו — טרוו ־לעווע אײַן, ..,
גען .
.-
פּיגלעוועט. אײַנפּוצן, אײַנצאַצקען. פעיאָ אָדער
מיט איר בּײַטעם. א, די מויד. געווײנלעך מיט
ז י ך. [אָפּשטאַם ← אויספּיגלעווען, 20].

-

אײַנסיגן — טרוו. אַרכ en vו־[1e en.־Mhd: ein.
אַרײַנפּאַסן, אַרײַנשליסן פֿאַרבינדן. "צווייא ניגיל

.

צו דעם ברעט דעם אײַן גיפֿויגט אייני צו דר
אַנדרן", טח שמות, כו, 17.
איינפֿידלען זיך
— אוטוו ־דל זיך אײַן, זיך
—
.
~געפֿידלט. 1. אײַנגעוואוינען זיך, אײַנלערנען
זיך צו שפּילן פֿידל. 2. אײַנלערנען זיך אין
גנבֿענען פֿאַלשעווען אע. „האָט זי אַזוי גוט זיך
,
אײַנגעפֿידלט אַז די פֿאַרדינסטן אַן אויפֿדערנאַכט
האָבן אָנגעטראָפֿן צווישן צוויי און דרײַ
הונדערט דאָלאַר„, טמז, 28 X 1964.
איינפֿיטערן — טרוו ־ער אײַן, ~געפֿיטערט.
—
.
1. אַ לענגערע צײַט גוט פֿיטערן. א, אָקסן,
געגדז אע. א, אַן אָפּגעשוואַכט קינד. 2. דזוו

אײַנפֿוטערן. אויך מיט ז י ך ־ונג.

.

איינפֿיטערעכץ — דאָס, ־ן (־ער). (

שנײַ ־

דערײַ) אונטערשלאַק אַנטקעגן די קנעפּלעך פֿון
די הויזן, דאָרטן וואו די קנעפּלעך קומען אַרײַן.

ש. ווינטער (וולאָצלאַוועק), פֿש II.

-

אײַנפּײַכטן

אײַנסײַכטן — טרוו. ײַכט אײַן, ~געפֿײַכט.

מאַכן פֿײַכט, אַ ביסל נאַס פֿאַר אַ געוויינלעך

—

,, .

מיטל בײַ קאָפּשמערץ אָדער מיגרענאַ, איז גוט
דעם קאָפּ אײַנצופֿײַכטן מיט אַ פֿליסיקייט",

איבז, דער אוצר פֿון געזונד און לעבען, וואַרשע

.1908

אײנפֿײלן

— טרוו פֿײַל אײַן, ~געפֿײַלט.

— — .

אײַנשנײַדן, אײַנשלײַפֿן מיט אַ פֿײַל — אַ ביסל, נאָר אַ טײל. א, אַ שליסל, צופּאַסן צום שלאָס. א, דאָס שטיקל אײַזן כּדי מע זאָל עס קענען איבערבּרעכן. ־ונג.

□

אײַנסײַנען — טרוו. פֿײַן אײַן, ~געפֿײַנט.

מאַכן פֿײַן □ ײַנער. מאַכן אײדעלער. א,

פֿירונ□ ,

גען. א, אַ ביסל דעם אויפֿגעקומענעם גבֿיר. געװײנלעך מיט ז י ך. ־ונג.

-

אײַנסײַערן — טרוו. ־ער אײַן, □ י־,גע□ ײַערט.

1. צעלײגן (מאַכן) אַ פֿײַער. ״דעם פּאַרקן אַרום

בית־עולם האָבן זיי פֿונאַנדערגענומען און גוט
אײַנגעפֿײַערט", ווײַס II, ,דער איבערגאַנג'.
2. שטאַרק אָנהייצן. א, דעם אויוון אויף
דערשטיקט צו ווערן. 3. געבן אַזאַ פּאַטש אַז
עס זאָל הייס ווערן. א, אַ פּאַטש, אַזש פֿונקען
פֿליִען פֿון די אויגן. 4. אײַנהעצן.
באַגײַסטערן. א, דעם עולם.

אײַנפֿייפֿן זיך — אויטו פֿײַף זיך אײַן, זיך
— — .
~געפֿײַפֿט. זיך אײַנגעוואוינען, זיך
אײַנלערנען צו פֿײַפֿן. א, זיך אויף אַ פּראָסטער דודע.
אײַנפֿילן 1 — [לאַנגע י אין פּד] טרוו פֿיל אײַן,
— .
געפֿילט. אינגאַנצן דערפֿילן; דערשפּירן.
אַרײַננעמען אין זיך מיט איינעם פֿון די חושים.
„ווער עס איז באמת הונגעריק קען ניט א,
דעם טעם פֿון שפּײַזן". א, דעם פֿאַרשיכּורנדיקן
ריח. מיט ז י ך — אַרײַנלעבן זיך. „צי ווערט
זיך דער ייִדישער אַקטיאָר קאָנען... א, און
איבערגעבן די זאַך?" פּרץ, ליטעראַטור און

לעבן. „אין דער סדרה האזינו... ווערט צוויי
מאָל אָנגעזאָגט וועגן באַזונדערן איַנהערן זיך
און א, זיך“, דר, ה. זיַדמאַן, טמז, 21 l960 IX.
איינפֿילן ll — [קורצע י אין פּד] טרוו. פֿיל
-
איַן, ~געפֿילט. 1. אָנפֿילן (מיט אַריַנגיסן,
אַריַנשיטן אע) פֿול מאַכן מיט עפּעס. א, די
.
זעק מיט תּבֿואה. א, דעם בעכער וויַן. 2. פֿטמ.
איַנזעצן, איַנפּאַסן. ריכטיק א, דאָס שטיינדל.
א, אַ צאָן = אַריַנזעצן אַ פּלאָמבע ־עכ ן.
.
איינפֿילצן
— טרוו פֿילץ איַן, ~געילצט.
—
.
פֿילצעווען. אַריַנברייען,
אַריַנגעאויך: ~
מען אין אַ ראַנד פֿון פֿילץ. א אַ היטעלע.
,

￼

איינסינדן זיך — אַרכ￼ ד￼.טש￼ איַנגעפֿינען
--
זיך. „... אַלזו פֿער שפּרעך איך איַך דאשׂ
איך מיך מאָרגן איבּר איין יאַר אונפֿעלבּאַר
אונטר דיזן בּוים וויל ווידרום איַן פֿינדן...,,,
מראות הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718. „וויַל כּל
יום זויא הרבה סוחרים... לכאן זיך איַן
פֿינדן“, אגרת שלמה.

-

איינסינצטערן — טרוו ־ער איַן, ￼י־,
געפֿינ—   .
צטערט. מאַכן וויייניקער ליכטיק, אַ בּיסל
פֿינצטערער. א, דעם זאַל. א, דאָס לעבּן ־ונג.
.

12()2

איינפֿיסיק — אַדי. 1 פֿרגל איינפֿוסיק.

.

2. וואָס ביידע פֿון פּאָר זײַנען פֿאַר אַ רעכטן אָדער לינקן פֿוס. "די כאָדאַקעס, וואָס ער טראָגט, זײַנען א'ע,,, אַר, 'דעם טאַטנס שטיוול'.

איינפֿיסלען — טרוו. ־סל אײַן, ,י.,געפֿיסלט.

-

נעאָל, א וו. אַרײַננעמען אין ציטירצייכנס.

איינסיקסן — טרוו פֿיקס אײַן, ~געפֿיקסט.

. .

אַמ. o : . אײַנפֿראַוועו. אײַנשטעלן. אַרײַנשטעלן עפֿעס בײַם פֿאַרריכטן. א, דעם מאָטאָר אין וואַנט. א, דעם טעלעפֿאָן.

איינפֿיר — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנפֿירן.

--

א, פֿון נײַע רעכטן. ,,וויכטיק איז פֿאַר מיר דער עצם א, פֿון אַ צערעמאָניע", גרינ, איד און וועלט. א'־(אָפּ)צאָל. א'־ג ע ל ט — בײַם

אָנגענומען ווערן אין אַ חבֿרה. דזוו אײַנקויף־געלט.

2. שטריך פֿון שטייגער. מנהג. אַן א, בײַם עולם. דער א, צו געבֿן סחורה אויף קרעדיט. דער א, פֿרי חתונה צו מאַכן די מיידלעך. אַן א, באָטש צו פֿאַרפֿאָרן צו אַ גאַנץ ווײַטן קרובֿ. דער א, פֿון קושן זיך בײַם אַוועקפֿאָרן און בײַם צוריקקומען. „בײַ אונדז אַמאָליקע צײַטן איז געווען אַזאַ א'...“. „ווען מע באַטראַכט אַ געוויסן לעבן־שטייגער ווי אַ זאַך וואָס ברענגט גוטס דעם כּלל..., רופֿט מען דאָס א'ן (mO□es)“, ייִבֿל XXI, 190. „איר ווייסט גאַנץ גוט דעם ייִדישן א„ דעם גאַנצן שטייגער אין דעם משדך זיך זײַן„, ממוס, פֿישקע. „ערשטנס איז אין אַמעריקע דער א, אַז יעדער ווייסט פֿריִער וואו מע וועט אים באַהאַלטן„, שע, קליינע מענטשעלעך.... „מע האָט אים מכבּד געווען גיין טאַנצן מיט דער כּלה, אַזוי איז בײַ זיי דער א, געווען„, □t. בּרייטמאַן, דיא גישיכטע פֿון אַ לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. „דאָס איז געווען אַ נײַער א, — שבּת צו קומען אין חדר אַרײַן„, ווײַס II, „דער איבערגאַנג'. איבערגענומענע א'ן פֿון ניט־ייִדישע שכנים ווערן מאָדיפֿיצירט„, לל, איק, פּסח תּשי“ז.

3. מאָדוס. רוטין. „אַלץ איינס צי מע גיט

דעם קינד עסן ווען עס מאַכט זיך אָדער ווען
מע געוויינט אים צו צו אַן א',,, מוו, דער וועג
צן אונדזער יקגנט.

4. טמ. נײַע אינסטיטוציע. נײַער אַנשטאַלט.
,,מע האָט בײַ אונדז אויפֿגעשטעלט אַן א', אַ
קינדערהיים,,, רייד (בעת דער ערשטער
וועלטמלחמה). . דזוו אַרײַנפֿיר. נר.
אײַנפֿירונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנפֿירן. א, פֿון עלעקטרע. א,
פֿון קאָנטראַבאַנדע. ,,ווערט מיט גרויס
פֿײַערלעכקייט דורכגעפֿירט די א, אין אַמט פֿון אַ
נײַעם פּרעזידענט,,, א. מענעס פֿאָר, 6 XII l963.

2. דזוו אײַנפֿיר, ב2 [די פֿאָרעם איז געווען
פֿאַרשפּרייט איידער די קירצערע האָט זי
אַרויסגעשטופּט]. ,,איבערפֿליסיקע געזעצע פֿאַנאַטישע

א'ען,,, ש. הויכבוים, אַ יוד, אַדעס 1869. ,,זײַנען
די אַלטע א'ען, דער אַלטמאָדישער גאַנג... די
זיטן, געבליבן אינגאַנצן אומבאַריררט", לייב
לעוויץ, רפֿאל דעס שנ.דערס טאָכטער, ווילנע
1888. ,,היסטאָריע... אַ פֿאַרצייכעניש פֿון

כּן, געשעענישן, א'ען פֿאַרצײַטן,,, ממוס, ספֿר הבֿהמון[.

3. נײַע פֿירונג. דאָס וואָס מע האַלט ערשט אין אײַנפֿירן. (פֿרוּוו צו שאַפֿן) נײַער מנהג. מאָדע. ,,מיט דער נײַער א, פֿון גלאַסנע סוד...'', קמ, 1 1865, No. ''יעדע נײַע א, קומט לײַכט נישט אָן'', יע, דאַוונען, וואַרשע תּרע''ח.

אײַנסירן — טרוו. פֿיר אײַן, ~געפֿירט.

1. אַרײַנפֿירן. בּרענגען עמעצן צו פֿירן. ''לאָז מען אים נאָר א, אין דער פּאָליציי אַרײַן, לאָז ער נאָר כאַפּן אַזוי אַ דרײַסיק שטעקנס...,,, עט, סערקעלע.

2. ספּעצ אַרײַנפֿירן מיט אַ פֿאַראַד, אַ צערעמאָניע. ,,מע לויפֿט אַרויס פֿון אַלע טירן... זאָל מען דאָס מחותּנים א'?,,, עט, לידער. ,,אַ פּיקעט קאַוואַלעריע איז אָנגעקומען פֿון... סולטאַן, זאָלן א, בּכּבֿוד מאָנטעפֿיאָרען אין... מאַראָקאָ,,, קמ, l864, No l8.

3. אַרײַנפֿירן עפּעס פֿון איין אָרט אין אַ

צווייטן. א, קאָנטראַבאַנדע. א, אין לאַנד
לוקסוסאַרטיקלען. ,,צען מלאָכות זײַן אי [= איי,
איידער] מאַן דאָשׂ ברויט קאַן עסן: אַקרן, זייאַן,
שנײַדן, בינדן, א'...,,, לט1, נח/ב.
4 פֿאַרפֿירן, לאָזן אין גאַנג. ,,אַז ער וויל...
.
אַ פֿראָצעס א, איז גאָר איבעריק אין ייִדישע
צײַטונגען צו שרײַבן,,, קמ, 47 l866, No. ,,
יורשים האָבן נאָך דער פּטירה געוואָלט מבֿטל זײַן
דעם אַקט און אײַנגעפֿירט אַ פֿראָצעס'', פּרץ,
 וסידיש.
5. אײַנשטעלן אַ געוויסן פֿיר, אָן אופֿן טאָן
עפּעס וואָס איז אַ נײַס. א, דעם נײַעם
אויסלייג. א, אַ נײַעם מעטאָד. א, אַ סך גוטע זאַכן.
,,וועלן זיך גיך אויסלערנען און וועלן אין דער
היים אַ בעסערע קיך א''', ג. י ראַוויטש, דער
גוואַלד ריס, ווילנע 1883. ,,ראשית חכמה, פֿיר
איך אײַן אַ מנהג, אַז אַ ווײַב זאָל תּמיד האָבן
בײַ זיך אַ דרײַערל'', שע, 'ווען איך בין
ראָטשילד'. ,,אין טייל גרויסע שטעט האָבן ייִדישע
דאָקטוירים געוואָלט א, מציצה מיט אַ
מאַשינקע,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,האַט
דער רבי אײַנגעפֿ[ירט, אַז זײַנע חסידים מוזן
זיך אַליין דערנערן דורך אַרבעט,,, אַש,

תּהיליסײִד.

6. אַרײַנבּרענגען אַ נײַעם שטריך אין שטייגער לעבן, אין פֿירונגען. א, נײַע פּאַראָנדקעס.

 אַטייל ווײַבּר שפּילן כלומר פֿון מצוה וועגן, דז זי וואָלן איר קינדבּעט וואַרטרן מהנה זײַן מיט שולדר געלט... ווי אײַן צו פֿירן איין טאָג איין שעה אַדר צוויי צו שפּילן“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק מ,.

„האָבּ איך אײַנגעפֿירט אַז אַלע זאָלן צאָלן וואָכערגעלט [= וואָכנגעלט] אויף אַ תּלמודתּורה„, י. א. קאַצאָוויטש, 6o יאָר לעבּן. „ פֿאָדערט דעריבּער אַז דער לימוד ייִדיש זאָל אײַנגעפֿירט ווערן אין די ישׂראל־גימנאַזיעס„, דוד פֿלינקער, טמז, 21 XII 1964.

7. אײַנשטעלן אַ רוטין, אַ פֿעסטן מאָדוס. א, צו עסן וועטשערע ניט שפּעטער ווי זיבּן אַזייגער. א, אויפֿצושטיין גאָר פֿרי. א, אין דער

אײַנפּירן

שול אַ פֿעסטע צײַס־פֿאַרטיילונג פֿאַר די לימודים. א אַ נײַע סיסטעם אין דער אַרבּעט. „ווילן

,

מיר קודם־כּל א, אַז אין אונדזערע קהילות זאָל זײַן אַ שטיקל סדר“, ממום, אין אַ שטורם־צײַט.

8. עטאַבּלירן. אויפֿשטעלן אַן אָרגאַניזאַציע, אַן אינסטיטוציע. „א אַ גמילות־חסד, דער

,

אָרעמאַן זאָל ניט דאַרפֿן אָנקומען צום וואָכערניק„, ש. בּעקערמאַי, די יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886. „דער רבֿ קוקט אויף אים אַרויס זיי זאָלן בּיידע א, אַ בּאַרימטע תּלמוד־תּורה„, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע. „מע האָט אײַנגעפֿירט אַ חבֿרה תומכי־דלים“, קמ, 20 1870, No.

9. אינסטאַלירן. א, עלעקטרע אין אַלע שטעט לעך. א, קאַנאַליזאַציע. „ניו־יאָרק איז טאַקע ניט געווען די ערשטע גרויסשטאָט וואָס האָט אײַנגעפֿירט אַן אונטערבּאַן„, לע, טמז, 1964 18 XI.

1o. אַרײַנקריגן. א אַ קונדשאַפֿט, אַ קליִענ,

טע'ל.

11. אײַנשטעלן אַ נײַע תּקנה. אַרויסגעבּן אַ נײַע פֿאַראָרדענונג, אָ נײַעם געזעץ. „דערפֿאַר זאָלן פֿרעמדע בּײַ אײַך א, דעם דין פֿון ערבֿות אין אַלע זאַכן„, ממוס, קליאַטשע. “מיט דעם א, פֿון מאַרקעס צו צאָלן פֿאַר פֿראַנקירטע

אויסלענדישע בריוו...", קמ, 28 1864, No. „זיי זאָלן בײַ זיך א, דאָס קיין פּראָצענט זאָל ניט געדאַכט ווערן,,, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. „דער נײַער פּאַרוואַלטער פּירט אײַן נײַע אָרדענונגען", מ. טײַטש, אַרום דער פֿאַבּריק מאָסקווע 1929. „אין געטאָ פּלעגט מען אַלע ווײַלע א, נײַע שײַנען".

12. אײַנשטעלן אַ רעזשים, אַ נײַע סיסטעם אין מלוכה־פּירונג. א, קאַפּיטאַליזם, סאָציאַליזם, דיקטאַטור אאַזוו. „אײַנגעפּירט און איבערגעאַרבּעט די קאָנסטיטוציע,,, קמ, 32 l865, No.

13. אַרײַנפּירן אַ נײַע מאָדע (פּרגל בּ5). א, קירצערע קליידער. א, מאָדערנע מאָלערײַ. „ אַפּילו אין אַזאַ איידעלן ענין ווי א, אַסאָנאַנסן...", שנ, ייִד, שרײַבּער אין מאָוו, פֿאַרבּאַנד.

14. צוגרייטן עמעצן צו אַ נײַער אַרבּעט, צו א נײַער פּאָזיציע. א אַן אַקטיאָר צו פּאַר,

-

טרעטן דעם קראַנקן הויפּטראָליסט.

15. אַרכ. פֿאַרפּירן, פּירן אויף אַ שלעכטן

דרך; אָפּנאַרן, אַרײַננאַרן. ,,ווערט דר יצר הרע טראַכטן דען מענשן אײַן צו פֿירן אונ, אים פֿר טומלט צו מאַכן,,, חה, אַמשט 1716, צה/א. ,,מיט אירן חניפֿות ווען זיא דאשׂ קהל איין פֿירן דשׂ מן זיא זאָל מאַכן צו איין ראָש,,, לטו, קיט/ב. ,,זיי [די גזלנים] זײַנן איינם בּוחר פֿון זיך □ער האָט איין ווייך לשון אונ, קאַן שין היפּש מיט דיא לײַט רידן אונ, איין פֿירן מיט זײַן ווייכה רייד,,, נצ□, כט/ג. ,,מיט דעם וואַר פּרעה א, ישׂראל,,, צור, שמות.

16. אַרכ. צובּרענגען, דערבּרענגען. ,,דער הוט ויל רייַן בּלוט ור גושׂן אונ, ישׂראל אין וויל [= פֿיל] בּיז אײַן גיפֿירט,,, שעריר, טו, 14. ,,אונ, ניט אַליינט דאז איך האָבּ גיבּיזט, אַזוא האבּ איך נאָך אַנדרי לײַט אויך דאַר צו איין גפֿירט“, עוז, עד/ג.

1203

מיט ז י ך — ,,אויספֿירן זיך איז א, זיך,,, שוו [וועָן מע טענהט זיך דורך, שטעלט מען ווידער אײַן פֿרײַנדלעכע בּאַציאונגען]. ,,מיינשׂטו עשׂ אבּר ניט ערנישׂט, ווארום ווילשׂטו דיך זעלבּשׂט איין פֿירן [← בּ14],,, חה, אַמשט

l716, נו/ב. ,,היט דיך דז דוא ניט צו פֿיל דר
פֿון [פֿון ווײַן] גיבֿרויכשׂט, און, לאָז דיך ניט
צו ווײַט דרינן אײַן פֿירן [= צוגעוואוינען
זיך]“, דאָרטן, קמט/א. א, זיך אַ וואַרשטאַט.
“האָט זיך אײַנגעפֿירט דאָס געשעפֿט שטיל“,
שע, 'קינדערשפּיל'.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אײַנפֿלאַכן — טרוו פֿלאַך אײַן, ~געפֿלאַכט.
.
1. מאַכן פֿלאַך פֿלאַכער. אײַנפּלעטשן. א אַ
, ,
גריבֿערדיקן וועג. 2. מאַכן באַנאַל, ניט־
אינטערעסאַנט. א, אַ רעדע, בוך אע. אויך מיט
ז י ך. ־ונג.
אײַנפֿלאַמען — טרוו פֿלאַם אײַן, ~
גע— ־ .
פֿלאַמט. 1. מאַכן עס זאָל פֿלאַמען. א אַ
,

- -

פֿײַערל וואָס ברענט קוים־קוים. 2. אָפּבאַקן
פֿ אַ ר ן פֿלאַם. א, פּלעצלעך. 3. אויפֿהעצן.

א, די געמיטער. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
־עניש.
אײַנפּלאַנצן — טרוו פּלאַנץ אײַן, ~
גע—   .
פּלאַנצט. 1 פאַרזעצן, אײַנזעצן, אײַנגראָבן,
—   .   —
אַרײַנטאָן אין באָדן אַ יונג און ניט אַנטוויקלט
-
געוויקס, וואָס האָט שוין אַ וואָרצל (און אַ טייל איבער דער ערד), כּדי עס זאָל אויסוואַקסן. א, בוריקעס, מערן אאַזוו. א, אַ קאַרשנבוים. א, אַ גאַנצן וואַלד. אַ יום־טובֿ פֿון א, פּרוכטביימער. מלל פאַרטײַטשט 'ושתלתּי אני על הר גבֿה, (יחזקאל, יז, 22): „איין פּלאַנצין„ [תּי: „און איך אַליין וועל עס א',„]. „אַחוץ מאַכן אָגאָראָדן און א, פּרוכט־גערטנער, איז... נוצלעך צו זעצן... וואַלדביימער...„„ רעד, מ. וועללער, ווי מען פּלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. „בײַ ביימער איז אויך אָסור אײַנצופּלאַנצן איין מין בוים אין אַנדערן, צבֿ„ש אַ ציטרין אין אַן אתרוג, אָדער אַ מין ירק אין אַ בוים“, סשי II, מד פּלאַנצונגען פֿון תּרומה וואָס זײַנען טמא
-
. „
געוואָרן און נאָכדעם האָט ער זיי ווידער

אײַנגעפֿלאַנצט זײַנען זיי טהור געוואָרן,,, זרעים,
פּא/א. ,,מע טאָר נישט עסן די פּירות פֿון אַ
בּוים... די ערשטע דרײַ יאָר נאָך דעם א',,,
ספֿר המצות, ווראָנאָוו 1935.

2. בּאַזעצן אויף אַ נײַ אָרט כּדי צו בּלײַבּן
דאָרט אויף שטענדיק; בּאַפֿעסטיקן. א, די
אימיגראַנטן אין נײַעם בּאָדן. א, די קאָלאָניסטן אויף
ערד. ,,אונדז פֿון גלות אַרויסצושלעפּן און אין
אייגענעם לאַנד אונדז אײַנצופֿלאַנצן,,, מב,,ם,
הוגה דעות II, ווילנע 1912. ,,מיר ווילן א,
אונדזער חבֿרה אין דער דאָזיקער ערד, אין אַ מקום
נאמן,,, ממוס, ,בּישיבֿה של מטה'.

3. אײַנזעצן עמעצן אין (צווישן) אַ גרופּע
מיט אַ ספּעציעלן ציל. א, עטלעכע גוטע
יוגנטלעכע צווישן דער ווילדער חבֿרה. א, אַ שפּיאָן.
,,אַז דער אייבּערשטער האָט געזען די צדיקים
אַז זיי זײַנען ווייניק, האָט ער...
אײַנגעפֿלאַנצט זיי אין איטלעכן דור,,, תּניא, סו.

איינ□לוס

□.

4. איבּערפֿלאַנצן אַן אָרגאַן פֿון אַ מענטשן.
אויסשנײַדן אַ ניר פֿון אָקערשט געשטאָרבּענעם

און א, די ניר אין דעם חולה מסוכן. א, אַ האַרץ.
5. אײַנוואָרצלען אַ מידה, אָ
כאַראַקטערשטריך. אײַנלערנען, ס'זאָל זיך האַלטן אויף
שטענדיק. א, די מידה פֿון רחמנות. א,
יראתשמים. א אַ באַגער זיך צו לערנען. א אַ לערע.

אויך: א, חוצפּה, העזה אע. "צו גאָטש דינשט
טוא זיא אײַן פּלאַנצין,,, ה II, טו. ,,דר בישעפּר
יתברך האָט אײַן גיפּלאַנצט אין זײַן זיל זעלכי
מידות אונ, כּחות,,, חה, אַמשט 1716, מז/א.
,,העלף מיר... א, אין מיר גוטע מידות אויף
אייביק", בן־ציון בר, יוסף־יהודא מהערסאָן,
צדה לדרך, פּיעטריקאָוו 1905. ,,אַהבֿה האָט משה
רבינו געוואָלט א, אין דעם האַרצן פֿון אַלע
ייִדן", תּניא, קנו. ,,דײַן מינדסט געבאָט
דערפֿילן? פֿאַרוואָס זשע האָסטו אײַנגעפּלאַנצט אין
מיר אַ פֿרײַען ווילן?", הר, אין שענסטן טאָג
פֿון האַדבסט.
6. אײַנפֿירן און פֿאַרפֿעסטיקן אַ נײַעם ווערט,
אַ נײַעם שטייגער לעבן. ,,עס איז ניטאָ, ווער
עס זאָל אין דעם גרויסן ייִדישן תּהום א,
בילדונג',, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,א, היגיענישע
געוואוינהייטן,,, 'טאָז'־שריפֿטן, וואַרשע 1929.
,,א אַ געוויסע שפּראָכקולטור,,, אַפֿנ

שפּראַכ,
פֿראָנט, קיִעוו 1935, 3־4.
מיט ז י ך — זיך א, אין אונדזער לאַנד.
אַ ליבע פּלאַנצט זיך אײַן אין האַרצן פֿעלערן
„ .
וואָס האָבן זיך אײַנגעפּלאַנצט אין דער
מענטשלעכער נאַטור„, דר, לעססער,... מעדיצינישע
מיטלען, וואַרשע 1908. „איין צווײַג פֿון דער
דאָזיקער באַרימטער משפּחה האָט זיך
אײַנגעפּלאַנצט אין דער פּוילישער ערד“, י.
וואַרשאַווסקי, 'ר, יוסל מינץ'. ־ונג — „
פֿאַראינסערעסירט אין דער א, פֿון יִדיש באַוואוסטזײַן
אין דעם יונגן ישׂראל־דור“, צײַט, טמז, 1963
8 XI. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איינפּלאָס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אײַנפּליסן. דזוו אײַנפּלוס. אַן א, פֿון
וואַסער. אַן א, פֿון רייד אָן שום אײַנפּלוס.
אײַנפּלאַסטערן — טרוו. ־ער אײַן, ...„,
געפּלאַסטערט. אַרײַננעמען אין אַ פּלאַסטער.
באַדעקן מיט אַ פּלאַסטער. א, די ווענט. א,
אַ גאַס.
איינפּלאַקערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

געפֿלאַקערט. דזוו אײַנפֿלאַמען בּבּ 1, 3. אויך מיט
ז י ך. ־ונג.
אײַנפֿלוס — דער, ־ן. ווירקונג. השפּעה.
האָבּן אַן א'. קריגן (אַן) א, בּײַ, צווישן....
געווינען דעם א, א ו י ף.... אויסנוצן דעם א'.
אַטמאָספֿערישע א'ן. אַן אָפֿענער (בּאַהאַלטענער)
א'. (אומ)דירעקטער א'. דער ייִדישער א, אויף
דער מאָדערנער קולטור. „אָז מע וועט ניט
נדצן קיין א„ וועט מען ניט דערגרייכן...“.
“געבּן דעם זון אַ שטעלע אין אַקציז וואו ער
האָט געהאַט אַ גרויסן א'„, יק. „דאָס קאָן...
גאָר אַן אַנדער אַרט א, האָבּן אויף די יונגע
הערצער„, מישאל איבּז, דער גראַף און דיא

אײַנפֿלוסיק

יודין, ווילנע תּרנ“ה. „די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק
וויל בּאַפֿרײַען די שול פֿון זײַטיקע א'ן“, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, שאַוול 1922. „זיי
ווילן זי מאַכן פֿאַר אַ קוואַל פֿון
געזעלשאַפֿטלעכן אַרן ליטעראַרישן א,“, שנ, ייִד,
שרײַבּער
אין סאָוו'־פֿאַרבּאַנד. “פֿרצעס א'ן האָבּן

אויסגעשטראַלט״, ייִט, פוילן ־י.
איינפּלוסיק — אַדי. נעאָל וואָס האָט (קען
--
האָבן) אַ ווירקונג, אַן אײַנפּלוס. א'ע מענטשן.
א־ע טענות. ״דווקא די צום מייסטן א'ע״, מוו,
... פּראָפּעסאָר1.
איינפּלוסלאָז — אַדי. דטשמ וואָס האָט ניט
--
קיין אײַנפּלוס. אַן א'ע גרופּע. ״ווי ווײַט א,
די ייִדישע פּרעסע אין ניו־יאָרק איז — קען מען
זען פֿון דעם וואָס...״, גרשס באַדער ־
אָלקס,
קאַלענדאַר תּרע״ב, לעמבערג.
אײַנפּלוסרײַך — אַדי. וראַס האָט אַ גרויסן,
--
שטאַרקן אָדער קאָנטיקן אײַנ־לוס. ״מײַן אַרעסט
האָט אַרויסגערופֿן אַ טומל אין שטאָט, און
א'ע מענטשן האָבן געטאָן אַלץ אַז איך זאָל
באַפֿרײַט ווערן״, מוק, מײַנע באגעגענישן II.
איינפּל אַסקען — טרוו ־קע אײַן, ־י.,
געפּליי .
- ־
אַסקעט. אַרײַנפּאַטשן, צעפּאַטשן. א, עמעצנס

מאָרדע.
איינפֿליטערן — טרוו ־ער אײַן, ~
געפֿלי—
.
טערט. אײַנגייען פֿליטערלעך, קליינע (
מעטאַלענע, שטאָפּענע) באַפּוצונגען. א, דינינקע
בלעכלעך אין די עפּאָלעטן.
איינפֿלייסן זיך — אוטוו פֿלײַס זיך אײַן,
— —
.
זיך ׳י.,,גע׳לײַסט. זיך צוגעוואוינען צו באַמיִען
זיך בײַ אַן אַרבעט. א, זיך צו טאָן אַן אַרבעט
ווי דער בעסטער בעל־מלאָכה.
איינפֿליישן — טרוו פֿלייש אײַן, ׳.,געפֿליישט.
—
.
אײַנקערפּערן, אײַנפֿלאַנצן. אײַנוואַקסן. "
אויפֿצולעבן פֿאַר אונדז אַלעמען... די טויטע
וועלט זײַנע און זי א, אין דעם לײַב פֿון
אונדזער דור,,, י. מאַרגאָשעס, טאָג, 3 1962 II.
מיט ז י ך — ,,געוואוינהייטן..., וואָס האָבן
זיך אײַנגעפֿליישט אין זײַן גוף,,, ב. ריווקין, אַ
גלויבן פֿאַר אומגלויביקע. ־ונג.
איינפֿליס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אײַנפֿליסן. דזוו אײַנפֿלאָס (←).
איינפֿליסונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער

-

רעזולטאַט פֿון אײַנפֿליסן. אַ כּסדרדיקע א'.

2. דזוו אײַנ לרס [איידער דאָ'ס וואָרט האָט זיך פֿאַרשפּרייט]. "ווייניק גערעדט וועגן גוטע א, יִידישע קינדער צו געבן", ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887.

איינפֿליסטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

געפֿליסטערט. דטשמ. נר. אײַנרוימען, זאָגן אין דער שטיל. איבערגעבן בסוד. א, אַ סוד.

איינפֿליסן פֿליס אײַן, ה אָ בּ & בּ י ן ....,,

גע— —

פֿלאָסן. אוטוו — 1. אַרײַנקומען מיטן שטראָם (וואַסער, לופֿט אע), אַרײַנפֿליסן. די וואַסערן פֿליסן אײַן פֿון די צעשמאָלצענע שנייען. "זיא וואַר שווער אונ, גרושׂ, צו אַלן ענדן עז איר איין פֿלושׂ", ספֿר משלים II פּפֿדמ 1686, לו/ב.

,

2. אַרײַנקומען אין אַ מאַסע, אין אַ גרעסערן

4

סכום. ,,מיטן אימיגראַציע־שטראָם זײַנען אײַנגעפֿלאָסן אומגעוואונטשענע עלעמענטן". ,,

דערווײַל וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט די הכּחשות
וואָס זענען אײַנגעפֿלאָסן״, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. ״געלט און מתּנות פֿליסן אײַן פֿון
גאַנצן לאַנד״. ״קוים שטעלן זיך אָפּ די
וואַלוטעוואַקלענישן..., הייבן ווידער אָן א, ווקלאַדן
אין זלאָטעס״, קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג,
וואַרשע 2 1926, No.
טרוו — 1. אַרײַנבּרענגען (אַזוי ווי) מיט אַ
שטראָם. א, עלעקטרישע ענערגיע. 2
באַווירקן. אַרײַנגעבן אַן אייגנשאַפֿט, אַ געפֿיל. ״ער
האָט אײַן גפֿליסן זײַן שכינה אין מײַן רײַט
וואַגן״, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קיב/ב.
״מײַן איינזאַמקייט אין דער פֿרעמד האָט מיר
מוט אײַנגעסלאָסן צו אים צו גיין״, קמ, 1864,
38 No. ״גוטע מידות מיט ריינע געפֿילן אין
דיר אײַנצופֿליסן״, ג. י ראַוויטש, די קלוגע
הדרכה, ווילנע 1877. ״מע דאַרף היטן ניט
אײַנצופֿליסן דעם קינדס פֿורכט (פּחד) און
שרעקן מיט פֿאַרשיידענע זאַכן״, מלכּה
בערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836.
־עכ ן. ־עניש.
איינפֿליען — אוטוו פֿלי אײַן, בּ י ן (וועגן
ה אָ בּ ← אויסלויפֿן) ~געפֿלויגן. 1.

אַרײַנפֿליִען. א, דורכן פֿענצטער אין שטוב אַרײַן.
"ראפֿן ווײַז [= אין געשטאַלט פֿון אַ ראָב] ולוג
דער טײַבֿיל [טײַוול] אײַן", שמואל־בוך,
סטראָפֿע 1237. 2. דורכפֿליִען אַ קאָנטיקן טייל
אָדער דעם גאַנצן מהלך צום ציל. „אַז איר
דאַרפֿט צו לִיען אַ פֿאָר הונדערט מײַל...
וועט איר עס א, אין צוואַנציק מינוט„, טמז,
31 1965 I. מיט ז י ך — זיך אײַנלערנען,
זיך צוגעוואוינען צום פֿליִען. ־אדנג
איינפֿליקן — טרוו פֿליק אײַן, ,געפֿליקט.
—
1. אײַנרײַסן (מיט כּוח). א, די הויזן. 2. געבֿן
אַ זעץ, אַ כמאַל, אַ פֿליק. געבֿן אַ פֿליק אײַן
אין מאָרדע אַרײַן.
איינפֿלעכט — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזול ־
טאַט פֿון אײַנפֿלעכטן. אַ קונציקער א, פֿון
קאָלירטע פֿעדעם.
אײַנפֿלעכטן — טרוו פֿלעכט אײַן, ~
געֿ—
פֿלאָכטן. 1. פֿאַרפֿלעכטן, אײַנדרייען אַ צאָל
פֿעדעם, שטרויען, פֿאַסמעס, עס זאָל ווערן אַ
גאַנצקייט. אויך: א, האַנט אין האַנט. א, צעפּ.

א אַ קוילעטש, הבֿדלה־ליכט. ‘‘זיא פֿלעכט

,

אירי האַר היפּש אײַן דאז זיא וואול זאָל גיצירט
זײַן‘‘, מבֿ, מעשׂה קיח.

2. אַרײַנפֿלעכטן, אײַנדרייען, אַרײַנטאָן עפּעס
אין עפּעס. א, אַ רויטע סטענגע אין די האָר.
א אַן עפּיזאָד נאָך אַן עפּיזאָד אין דער
לאַנ,
גער לעבנס־געשיכטע. ‘‘אַ פּאָמסענע סטענגע
אײַנצופֿלעכטן אין צאָפּ פֿאַר זײַן טאָטערלאָ‘‘,
ממוס, שלמה.

3. אַרײַנציִען. מאַכן עס זאָל ווערן
אײַנגעשלאָסן אין עפּעס. א, דעם חתן און די כּלה אין
דעם קאַראַהאָד. ,,ווער איך מיט מײַן פֿערד
געפֿאַנגען, אײַנגעפֿלאָכטן אין די צעפּ‘‘, הל, 'אין
שניי'. ,,ער איז באַלד אײַנגעפֿלאָכטן געוואָרן

איינפֿלעקן
--

אין דעם אַרומיקן לעבן‘‘, אַש, תּהילים־ייִד. ,,א,
שוין איצט... סאָציאַליסטישע ווירקלעכקייט
אין דעם נײַעם פּאַלעסטינישן לעבן‘‘, איק, נ‘‘י
.No ,1907 1

4. אַרײַננעמען ווי אַ באַשטאַנדטייל. צוניפבינדן. אײַנקייטלען. פֿיג. בבֿ 1־2. "[די מקובלים] האָבן... די עשׂר ספֿירות אײַנגעפֿלאָכטן איינע אין דער אַנדערער: חסד אין גבֿורה, חסד אין תּפֿארת", יוד, פֿאַר פסח, וואַרשע 1881. ,,מיר האָבן דאָ געוועבט, געשפּונען, אײַנגעפֿלאָכטן... דעם אַלטן ניגון פֿון אונדזער שטאַם,,, א. שומיאַטשער, לידער.

5. אַרײַנמישן, אַרײַנגעבן זײַטיקס. א, ליגנס אין אַ באַשרײַבונג פֿון אַ נסיעה. א, וויצן אין אַ לעקציע. ,,דער דאָזיקער בוך, וועלכן דער מחבר האָט זיך געסטאַרעט אײַנצופֿלעכטן מיט לעגענדעס פֿון תּלמוד,,, אַבֿע לעוו, דער קלעריקאַליזמ אינ קאַמפּ קעגנ דער אַרבעטער באַוועגו[illegible]ג, מאָסקווע 1936.

מיט ז י ך — "אײַנגעפֿלאָכטן זיך אין כּתרהכּבֿוד", אַש. ,,זי האָט אויך גאַנץ בכּיוון זיך אײַנגעפֿלאָכטן אין חלוצים־קראַנץ, טאַנצן אַ האָראַ לעבן זײַן פֿענצטער", בּ. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. "אין די גרינע... בלעטער פֿלעכט זיך אײַן אַ בונטע רויטקייט", סעג, מײַנע זיבן יאָר אין ת"אָ. "אים [אוריאל אַקאָסטע האָט זיך] ניט אײַנגעגעבן א, זיך אינעם געוועב פֿון די פֿילאָסאָפֿישע פֿילפֿאַרביקע לײַוונטן,

...
וועלכע זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן אין דעם אומרדאיקן זיבעצנטן יאָרהונדערט„, שטערן, מינסק 3 1941, No.

—ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אײנפֿלעמלען — דזוו אײַנפֿלאַמען, נאָר מיט -

אַ קליינעם פֿלאַם, מיט אַ פֿלעמל.

אײנפֿלעמען — טרוו פֿלעם אײַן, ~געפֿלעמט.

— .

1. אַרײַנקלאַפֿן, אַרײַנהאַקן מיט אַ פֿלעם, שטאַרקן קלאַפּ. א, די שפּיציקע דרענגלעך אין דער ערד אַרײַן. 2. דזוו אײַנפֿראַסקען.

אײנפֿלעסן — טרוו פֿלעס אײַן, ~גע לעסט.

— .

דטשמ. נר. מאַכן עס זאָל האָבן אַן אײַנפֿלוס. באַאײַנפֿלוסן. משפּיע זײַן. "איז אים געראָטן... אין איר אײַנצופֿלעסן מוט און האָפֿנונג", הנ"ץ איבז, שולמית, לובלין 1894.

„א, אונדזערע קינדער ליבע צו דער בכבֿודער

-

זקנה — די העברעאישע שפּראַכע“, דר, יעקבֿ
טשערני, קול יעק, באַרדיטשעוו 1897.
איינפֿלעקלען —־. טרוו. ־קל אײַן, ~

געפֿלעקלט. 1. אַרײַנהאַקן פּלעקלעך. א, די זוילן
פֿון די שטיוול. 2 פֿאַרפֿעסטיקן מיט
פֿלעק.
לעך. א, די סוכּה.
איינפֿלעקן — טרוו פֿלעק אײַן, ~געפֿלעקט.
-
1. מאַכן פֿלעקן. באַשפּרענקלען מיט פֿלעקן.
אײַנמאַכן אין עפּעס אומריינס. א, דאָס
שבתדיקע קליידל. א, דעם טישטעך מיט טינט, מיט
ווײַן. *א, אַן אויג = (וואוויליונגעריש)
אונטערשלאָגן אַן אויג, עס זאָל ווערן בלוינע־בלאָ
[= ברוין און בלוי]. 2. אײַנשמוציקן. „אַזוי
זאָלסטו מאַכן ווײַס אונדזערע פֿלעקן פֿון דער

איינפֿלעשלען
--

נשמה, וואָס מיר האָבן אײַנגעפֿלעקט מיט
אונדזערע זינד“, איין נײַע שס־תּחינה,
פּיעטריקובֿ 1881. אויך: א, דעם נאָמען פֿון אַ קעגנער.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
איינפֿלעשלען — טרוו ־של איַין, ~
געפֿלע— .
שלט. איַינגיסן, אַריַינגיסן, צעגיסן אין
פֿלעשלעך (אויך אין פֿלעשער). א, מעד. א, דעם
סאָק, די יאַגעדעס אע.
איינפֿעדלען — דזוו איַינפֿעדעמען. זאַמעט.

-

-

איַינסעדעמען — טרוו. ־עם איַין, ~
געפֿעדעמט. 1. אַריַינציִען, אַריַינפֿלעכטן אַ פֿאָדעם
(פֿעדעם) אין אַ געוועבֿ, גע לעכט. א, די
קאָלירטע פֿעדעם אין דעם גרויען געוועבֿ.
2. פּפֿ: ,פֿעדלען (שטריקעריַי, קאָליש).
אַריַינציִען (דורכציִען) אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל.
,,נאָר אַז מע פֿעדעמט איַין, קען מען נייען“,
שוו. ,,פּאָלי האָט אויף גיך איַינגעפֿעדעמט אַ
דינע נאָדל...,,, אָפּאַ, 'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ,.
*ער האָט נאָר איַינגעפֿעדעמט = נאָר אָנגעהויבן
עפּעס, אָבער וויַיטער קיין זאַך ניט געטאָן. *א,
אַ העלפֿאַנט אין אַ נאָדל = א) זיך

אונטערנעמען טאָן אַזוינס וואָס איז ניט מיגלעך; בּ)
אויסטראַכטן ליגנס, קומען מיט פֿאַנטאַזיעס אע.
3. דורכמאַכן די ערשטע טריט בּ א אַ
קאָמי
פליצירטער אונטערנעמונג (וואָס זאָגט צו עפּעס
גוטס). א אַ געשעפֿט, אַ שותּפֿות. א אַ
, ,

קאַמפּאַניע. א, אַן עסק און דערנאָך זיך
אָפּרוקן, בּלײַבּן אין שאָטן. א, אַ פּיעסע =
אָנוואַרפֿן דעם פּלאַן פֿון דער פֿאָרשטעלונג,
אָנהייבּן רעפּעטירן. אַ מאדים אײַנצופֿעדעמען

קרומע שידוכים — אויך וועגן יעדער מין
געשעפֿט, אונטערנעמונג.
4. אײַנשטעלן דעם ריכטיקן גאַנג. א, אַ
שמועס אין לערנען. א, גוטע בּאַציאונגען מיט
שכנים. 5. אַרײַנבּאַקומען, אַרײַנציִען עמעצן
(ווען יענער איז ווײַט ניט־וויליק) אין אַן עסק
דורך הבֿטחות אע. א, דעם נגיד אין אונדזער
פֿאַראיין. „משה האָט געפֿילט אַז ער האָט
שוין אײַנגעפֿעדעמט, און געווען זיכער, אַז

דער העכט וועט זיך שוין אַזוי לײַכט ניט
אַרויספּלאָנטערן פֿון זײַנע הענט,,, אָפּאַ, משה
ליגנער'.

מיט ז י ך — ''גלאַט אַ גערייד... מע
גענעצט און עס ▯ עדעמט זיך אײַן אַ שמועס'',
פּרץ, זכרונות. ,,די נײַע עולים וועלן זיך א,
אין דעם געוועכ פֿון דער מדינה,,, בצג, טמז,
7 ▯ 1963 I. ־דנג.

-

איינסעדערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געפֿעדערט.

-

אײַנשמוציקן מיט פֿעדערן פֿליקן עופֿות און
.
א, די מלבושים. מיט ז י ך — ,,כ'האָב
געפֿליקט פֿיל גענדז און הינער, אײַנגעפֿעדערט
זיך,,, אול.

-

אײַנסעטן — טרוו. פֿעט אײַן, ▯ ...,,געפֿעט.

באַשמירן מיט עפּעס וואָס איז פֿעט. א אַ ברעט.

,

,,באַזײַטיקן דעם איבעריקן אייל וואָס איז
פֿאַרבליבן פֿון א',,, בער.

-

אײַנסעטסן — טרוו. פֿעטס אײַן, ~געפֿעטסט.
1. אײַנשמירן, אײַנפּאַטשקען אין פֿעטס. עסן
הינעריויך און א, די קאַפּאָטע. 2. באַשמירן

12()5

מיט פֿעטס. א, אַ שטיק אײַזן און פֿאַרהיטן פֿון
ראָסט. 3. דזוו אײַנפֿעצן.
איינפֿעלדזיקן — טרוו. ־יק אײַן, ~געֹ
עלֹ-
דזיקט. שטאַרק אײַנפֿעסטיקן, עס זאָל זײַן
וו אַ פֿעלדז. א, די פּאָזיציע. אויך מיט ז י ך
׳
— א, זיך פֿאַרן קאַמף.
איינפֿעלטיק — אַדי. אַרכ. דטשמ. נר.
1. פּראָסט, איינפֿאַך, תּמעוואַטע. ,,בון איין
איטליכם אַלטן דער אַזו און טיכטיג און איין

פַֿעלטיג אישֹט“, ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686, מז/ב.

,

,,זיא גלײַך פּויארשׂ לײַט וואַרין... פֿר שלעכטי
און, איין פֿעלטיגי לײַט גיהאַלטין ווערדין“,
'שילדבּורגר זעלצאַמי און, קורצווייליגי

גישיכטי, [אַווע II]. ,,דו בּיסט זייער דום און א'“,
איין שיינה היסטאָריע פֿון איין קיניג אויש
פּערסיען, סוף 18. י“ה, אָרט? 2. תּמימותדיק,
נאַאיוו, אומשולדיק. אַן א, קינד. ,,און גיבּט עס
איין קלאַס מענטשן וואָס זײַנען א', זיי האָבּן
קיין שׂכל ניט אַליין נאָכצוקאָנטראָלירן... נאָר
לאָזן זיך פֿירן פֿון אַנדערע,,, ארז, קמ, 1866,
No 11. “דו מיינסט ניט מיך, א'ע, ניט־
געבּילדעטע, צו נאַרן,,, יד, אבֿן נגף.
־יקייט — אורח פֿאַרטײַטשט 'לתומם, (
שמואל בּ טו, 11): ,,נאָך זייער גאַנצקייט,
איינפֿעלטיקייט“ [תּי: ,,אומשולדיקערהייט,,]. ,,דר קינג
לייאנט עז אין זײַן א', אבּר ער הט ניט גדאכט
אויף איר ליסטיקייט“, יוסיפֿון, אַמשט 1743,
ו/ב.
איינפֿעליק — אַדי. וואָס האָט אײַנפֿאַל(ן).
-
המצאָהדיק. וואָס אין זײַן תּוך ליגט אײַנפֿאַל.
אַן א'ער אָפּמאַך. ,,דאָס איז געוויס זייער א,,

אָבער ס'איז אַלץ ניט מער ווי האַלבע אַרבעט", מוו, די שוואַרצע פּינטעלעך. ־יקייט — "
אינזשענירן וואָס האָבן מיט אַזאַ א, אויפֿגעבויט די גאַזקאַמערן", מוו,... פּראָפֿעסאָרן.
איינפֿעלעריש — אַדי. דזוו איַינפֿעליק. וואָס
--
איז בטבֿע, לויט דער נאַטור המצאָהדיק. א'ע ווערטלעך. ־קייט.
איינפֿעלקערדיק — אַדי. וואָס האָט נאָר
איין פֿאָלק. וואָס עס איז שייך צו איין פֿאָלק. "א'ע געזעלשאַפֿטן", מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
איינפֿעלקערן — טרוו. ־ער איַין, ,
געפֿעל־.
קערט. אַריַיננעמען אין באַשטאַנד פֿון פֿאָלק. "די מענטשן וואָס דאַרפֿן איַינגעפֿעלקערט ווערן", מוו,... פּראָפֿעסאָרן ־ונג — „ פּראָצעס פֿון זייער א'", דאָרטן.
איינפֿעלשן — טרוו פֿעלש איַין, ~געפֿעלשט.
—
.
- פֿעלטשן פֿאַלשעווען. מאַכן בכּיוון
., .
פֿאַלש, אָבער צום טייל, ניט אינגאַנצן. א אַן
,

אָפּמאַך. ־ונג.

אײַנסעסט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנפֿעסטן. דאָס מיט וואָס מע פֿעסטיקט אײַן. „די ענגע ווענט פֿונעם שאַכטעבּרונעם וואָס זײַנען בּאַשמידט מיט דעמבּענע א'ן“, ע פֿינינבּערג איבּז, א. אַוודִייענקאָ, איך האָבּ ליבּ, מאָסקווע 1935.

-

אײַנפֿערמענטירן

אײַנסעסטיקן — טרוו. ־יק אײַן, ײ..,
געפֿעסטיקט. 1. מאַכן פֿעסט, עס זאָל זיך ניט

וואַקלען. א, אַ צעפֿאָרן בענקל. א, אַ קנעפּל. „שטעל דאָס לייטערל אוקאָסנע צו דער וואַנט, פֿעסטיק אײַן„, ח. פּעט, איק, פּסח תּשי„ז.
2 פֿאַרשטאַרקן. א, די בריק, די קרִיעס זאָלן

-

.

זי ניט אַוועקטראָגן. א, די פֿאַרטיידיקונג אויפֿן פֿראָנט. 3. מאַכן סטאַביל, זיכער
פֿאַרוואָר,
צלען. א, די מאַכט. א, קענטעניש. „א, דעם חוש פֿאַר רעכט און גערעכטיקייט“, זק איבז, שד 4 .I. ברענגען מער אָדער בעסערע ראַיות פֿאַר אָדער קעגן עפּעס. א, די פֿאַרטיידיקונג (כּאַשולדיקונג). א, אַ טעאָריע.
מיט ז י ך — זיך גוט א, און זיך האַלטן. אַ רעזשים פֿעסטיקט זיך אײַן. א, זיך אין געדאַנק. „יעדער גרײַז... איז גורם... עס זאָל זיך א, דאָס ניט־ריכטיקע בילד פֿון וואָרט“, ימ, די נײַע שול, וואַרשע 1930 ־ונג.

.

איינפֿעסטן — טרוו פֿעסט אײַן, ~גע עסט.

—
.
דזוו איינפֿעסטיקן. א, לויזע באַציאונגען. מיט
ז י ך — „איטלכר זאָל זיך דאז איין פֿסטן דז
ערש אימדארן גידענקן זאַל,„ סהמ, יהושע, כא,
11. ־ונג. ־עניש. ־ער — „איז
צוגעגאַנגען דער א, און אַ פֿרעג געגעבן“, ע
פֿינינ־
.
בערג. . איינפֿעסט.
איינפֿעסטעווען — טרוו ־טעווע איין, ~
געֿ—
.
פֿעסטעוועט. דזוו איינפֿעסטיקן. א, די קאַנאַטן.
א, דעם פֿאַרקאַן. אויך מיט ז י ך — א, זיך
און ניט נאָכגעבן.
איינפֿעפֿערן — טרוו ־ער איין, ~געפֿעפֿערט.
—
.
1. איינשיטן (באַשיטן מיט) פֿעפֿער. א, פֿיש.
2. צוגעבן שאַרפֿקייט אין ריידן אע א, די
פֿאָלעמיק מיט שטעכווערטלעך. 3.
קאָנסערווירן, דזוו איינזאַלצן. איר. „די עלטערן האָבן
זי טייער געהאַלטן, זי איינגעפֿעפֿערט. נו, איז
זי טאַקע געבליבן אַן אַלטע מויד,„. “מעגסט א,
די טייערע מעצאָצע [= מציאה]“. ־ונג.
איינפֿעצן — טרוו פֿעץ איין, ~געפֿעצט.

—
.

(וואוויליונגעריש, אונטערוועלט) שטעכן מיט אַ מעסער. צעבלוטיקן מיט עפּעס וואָס איז שאַרף. א, דעם קנאַקער און לאָזן אים אָן אָ נון.
איינפֿערדיק — אַדי. 1. וואָס האָט נאָר (איז נאָר מיט) איין פֿערד. מיט דעם א'ן געשפּאַן. אַן א'ע בריטשקע. 2. וואָס האָט נאָר איין פֿערדקראַפֿט. „באַאַרבעטן די צווישנרייען מיט אַן א'ן קולטיוואַטאָר„, אַגראָנאָם ק. גיטמאַי, די נויטיקסטע אַגראָנאָמישע יעדיעס..., טשערקאַס .l929
איינפֿערטלען — טרוו ־טל איַין, ~
געפֿער—
.
טלט. איַינטיילן אין פֿערטלען. א, די עופֿות און צעטיילן.

▯

איינסערמיק — אַדי. איינפֿאָרמיק (←).
געבויט א'. „זייער לעבן האָט זיך גע▯ליסט א'„, לייב לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערם טאָכטער, ווילנע 1888. ־יקייט.
איינפֿערמענטירן — טרוו ־טיר איַין,
—
.

□ ..פֿערמענטירט. מאַכן עס זאָל זיך אָנהייבן
דער פּראָצעס פֿון פֿערמענטירונג. א, ווײַן. א,
קוואַס. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

□

אײַנפּראַכטן

□

אײַנסראַכטן — טרוו. פּראַכט אײַן, ~
געפּראַכט. אַוועקשיקן מיט (ווי) פּראַכט. "די
ביכער קען מען ניט נעמען מיט זיך, מע
דאַרף זיי א,".
איינפּראַנטעוועט — טרוו ־טעווע אײַן, □ י.,
גע—
פּראַנטעוועט. אײַנלערנען, צוגעוואוינען
עמעצן צו זײַן אַ פּראַנט. "נאָך דער חתונה האָט
זי אײַנגעפּראַנטעוועט איר מאַן, דעם
געוועזענעם ישיבֿה־בחור". מיט ז י ך.
איינפּראָסט(יק)ן

— טרוו פֿראָסט(יק) אײַן,

—

~געפֿראָסט(יקט). 1. מאַכן עס זאָל ווערן דורכגענומען פֿון פֿראָסט. א, פּעטשאַ, זשעלע'. 2. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי פֿאַרפֿראָסט. א, דעם קוכן. א, אַן אויסשטעל־פֿענצטער.

איינסראַסקען — טרוו ־סקע אײַן, ..,,

געפֿראַסקעט. שטאַרק אײַנפֿאַטשן (בּ 1) מיט אַ געהילך. א, ביידע באַקן, בלוט זאָל שפּריצן. ־עניש.

איינסריזירן — טרוו. ־זיר אײַן, ~(גע)פֿריי־־
זירט. מאַכן אַ פֿריזור. א, די האָר ־ונג.

—

.

אײַנסרײַען — טרוו. פֿרײַ אײַן, ~געפֿרײַט.

אַמ.][o . אײַנפֿרעגלען (אויך אײַנבּראָ
טן). א, די פֿיש.

אײנפֿריצעווען — טרוו ־צעווע אײַן, ,
גע—
פֿריצעוועט. װאוויליונגעריש. אײַננאַרן,
אַרײַננאַרן. מאַכן עמעצן פֿאַר אַ פֿריץ, יאָלד און
אַרויסקריגן עפּעס פֿון אים. א אַ ,לאָגדענעם
,

גייזער, [= גאָלדענעם זייגער]. א, דעם יאָלד.

איינסרירן — [אין לד אַרויסגערעדט: ~
פֿרִ ־
ערן] טרוו פֿריר אײַן, בּ י ן & ה אָ בּ ~
גע.

פֿראָרן [לד], ~געפֿרוירן. 1. מיט דער הילף
פֿון אַ נידעריקער טעמפּעראַטור פֿאַרוואַנדלען
אַ פֿליסיקייט אין אַ סאָלידן, האַרטן קערפּער.
א, וואַסער בײַ אַ טעמפּעראַטור וואָס איז
נידעריקער ווי נול צעלסיוס. א, אייל. א, בלוט. א,
אַ גליד פֿון קערפּער. „דער ווינטער פֿרירט בײַ
אונדז אײַן די טײַכן און די אָזערעס“. אויך:
א אַ גאַז. 2. קאָנסערווירן אין אַ
טעמפּע,
ראַטור פֿון פֿאָרפֿראָרנקייט. א, שפּײַזן. 3.
דורכנעמען מיט קעלט, פֿראָסט. פֿאַרפֿרירן. א, די
שפּיץ פֿינגער. „דער ווינט האָט זיך...
אַרונטערגעגנבֿעט און אײַנגעפֿרירט אים דעם שווייס
אויפֿן לײַב„, פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן.

,

4. אויך אוטוו. דורכגענומען ווערן פֿון
פֿראָסט. דער טײַך, דער באָדן איז אײַנגעפֿרוירן.
„די פֿון רעגנס און שנייען דורכגענעצטע ערד
איז אײַנגעפֿראָרן“, י. בודזאָהן, דאָס חנוכּה
ליכטל, ווילנע, יאָר?
5. אָפּשטעלן. פֿאַרהאַמעוועןן. ניט לאָזן שטײַגן
אָדער פֿאַלן. ניט לאָזן עס זאָל זיך בײַטן. א,
ח ו בֿ ו ת = צײַטווײַליק אויפֿהערן צאָלן
חובֿות. א, ל ו י נ ע ן = ניט לאָזן בײַטן די

שׂכירות. א, פ ר ײַ ז ן — צווינגען זיך האַלטן בײַ
די פֿאַראַנענע פֿרײַזן. א, ק ר ע ד י ט ן =
אָפּשטעלן אַלע קרעדיט־אָפּעראַציעס. א, ו ו אַ ל
וט ע פֿיקסירן די ווערט פֿון אָרטיקן געלט

אין די גרענעצן פֿון לאַנד כּדי די פּרײַזן זאָלן
ניט שטײַגן. א, ד ע פּ אָ ז י ט ן = ניט לאָזן
אַרויסנעמען געלט פֿון די בּענק. א, פֿ אַ ר ־

12()6

מ ע ג ן = ניט לאָזן פֿאַרקויפֿן, אַרויספֿירן פֿון
לאַנד. ,,... ווערלן פֿאַרלירן די בּירגערשאַפֿט און
זייערע פֿאַרמעגנס וועלן אײַנגעפֿרוירן ווערן,
דאָס מיינט צוגעגזלט ווערן,,, טמז, 6 1964 X.
6. ניט לאָזן ווײַטער זיך אַנטוויקלען. א, די
מוחות. "אַז מע וועט אַזוי א, די ייִדישע
קולטור בּיז עטלעכע גראַד איבּער זעראָ, וועט אין
אַ צען יאָר אַרום שוין אַפֿילו נישט זײַן ווער
עס זאָל פֿראָטעסטירן", יג, טמז, 29 1967 I.
מיט ז י ך — "און די שטילקייט
אײַנגעפֿרוירן האָט זיך מיר אין מײַנע אויערן", הר,
'די ראָבּ'.
־ונג. ־עכ ן — אויך: דאָס

אײַנגעפּרוירענע. ־עניש — „באַלד האָט ער דערפּילט,
אַן א, שפּרייט זיך אים אויס אין די געדערים“,
ל. ראָכמאן, גק, No 49. ־ער — אויך:
אַפּאַראַט, מכשיר צום אײַנפּרירן.

אײנסרעסן — טרוו פּרעס אײַן, ~געפּרעסן.
-.
אויפּפּרעסן. אַרײַנרײַבן. א אַ לאַבן ברויט און
,
זיך ניט פּאַרקנייטשן. א אַ שטאַנג קאָלבאַסע.
,

געווײנלעך מיט ז י ך — טיף אַרײַנדרינגען.
אײַנעסן זיך. אײַנשנײַדן זיך אין אָרגאַניזם. א,
זיך אין לײַב ווי פּראָסט, ווי ראָסט. אַן אומעט
פּרעסט זיך אײַן אין האַרצן. אַ שלעכטער ריח
פּרעסט זיך אײַן אין די בגדים. „מיר ווערן
בעו“ה אין צרות... אײַן גיפּרעסן“, עיון,
סה/ב. „די ברענעדיקע וואונד וואָס אייטערט,
די בייזע קרעץ וואָס האָט זיך אײַנגעפּרעסן אין
אונדזער לײַב און לעבן“, ייִש. “אומגעבעטענע
געסט... וואָס פּרעסן זיך אײַן אין לײַב ווי די

מאַנדעװעסקעס“, אמך, דער אונצײַטיגער בעזוך
װילנע 1878. “דער װאָלפֿהונט... האָט זיך

אײַנגעפּרעסן דװקא אין [אים]“, י רואל קאַפּלאַן,
שליאַך און אומװעג. „װי טיף און שטאַרק
ס'האָט זיך שוין אײַנגעפּרעסן די תּאװה צו
געלט אין האַרצן בײַ איר מאַן„, נ. ה עהרמאַן,
דאָט גרױסע געװינס, װאַרשע תּרפּ„ה.
־עניש.

--

אײנסרעסעריש — אַדי. װאָס האָט אַ טבֿע

-

זיך אײַנצופּרעסן. א'ע קראַנקײטן. אַן א'ע
תּאװה. ־קײט.
אײַנצ־ — די װערטער װאָס מע
גע
פֿינט ניט מיט אײַנצ־ זוכן אײַנטש־,
למשל: אײַנצאַדען ← אײַנטשאַדען,

איינצאַכצען ← איינטשאַכטשען.
-- -

איי ן — פֿטמ. אוֹפֿן אַרויסרעדן דאָס וואָרט
א י י נ ס אין אַ סך רר.

איינצאָל — ד , ־ן. (גראַמ) סינגולאַר.
פֿאָרעם וואָס ווײַזט אַז אין דער געגעבענער
סיטואַציע, בײַ דעם קאָנקרעטן רעדן האָט מען אין
זינען ניט מער ווי א י י ן זאַך, א י י ן
זאַכוואָרט. אין צימער איז דאָ איין טיש [מצ —
טישן]; מע קען זיך פֿאַרלאָזן נאָר אויף אַן
אויפֿריכטיקן פֿרײַנד [מצ —.... אויפֿריכטיקע
פֿרײַנד]. פֿאַראַן אַ קליינע גרופּע סוב וואָס
קענען ניט זײַן אין איינצאָל, למשל: מעשׂים,
יסורים. מע ניצט א, ווען מע האָט אין זינען
די גאַנצע גרופּע, למשל: „אַ ייִד האָט צרות„;
„אַ גוי איז ן אַכזר“, שוו.

אײַנצאַמען

איינצאָל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנצאָלן.
--
דער א, פֿון דירה־געלט. 2. סכום וואָס ווערט
אײַנגעצאָלט. דער א, איז כּך־וכּך.
א'־ג ע ל ט — 1. אײַנטריט־געלט, דער

ערשטער אײַנצאָל בײַם ווערן אַ מיטגליד פֿון אַ
חבֿרה אע. „דער אָפּצאָל צו דער חבֿרה איז
געווען צוויי שילינג אַ חודש. א'־ג, — איין פֿונט“,
מ. אונגער, טמז, 1958 ◌I◌י 18. 2. געלט צו
קריגן דעם שליסל, דעם אײַנטריט צו אַ דירה,
אַ געשעפֿט אע. חוץ דעם דירה־געלט געבֿן דעם
בעל־הבית (דעם פֿריִערדיקן שכן) א'־ג'.
איינצאָליק — אַדי. 1. וואָס באַשטייט נאָר
פֿון איין צאָל. אַ קורצער, א'ער חשבון.
2. וואָס איז אין איינצאָל, סינגולאַר. ווערטער
וואָס האָבן ניט קיין א'ע פֿאָרעם.
איינצאָלן — טרוו. צאָל אײַן, ~געצאָלט.
-
1. אָנהייבן צאָלן, געבן אַן אַדערויף. א, אויף
אַ באַשטעלונג. א, דערווײַל ניט מער ווי 10
פּראָצענט. א, נאָר פּראַכטגעלט. א, אויף אַ הויז
און דאָס איבעריקע ביסלעכווײַז אויסצאָלן.
2. באַצאָלן חלקימווײַז אָדער אינגאַנצן באַצאָלן
אין אַן אינסטיטוציע. א, אין פֿאַראיין
מיטגלידאָפּצאָל. א, אין אוניווערסיטעט. א, עד פּרוטה
אַחרונה, ביז דעם לעצטן גראָשן. „הב איך
בע“ה אַן גצאלט גהט אַלי עשׂרת אַלפֿים קנס“,
ר, יום־טו◌־ליפּמאַ1 העלער, כ“י 'מגלת איבֿה'.
„מע האָט אײַנגעצאָלט זיי אַ סך טויזנט דאָלאַר

לא־יחרץ־געלט זיי זאָלן ניט אַרויסגעבן אַלע
חטאימלעך וואָס זײַנען אָפּגעמאַכט געוואָרן אין
דער שטיל“, ש. בר־כּוכבא, אַ נײַע
אַמעריקאַנישע הגדה, ווילנע 1900. „אַרום סוכּות צײַט
פֿלעגט ער אָנהייבן ביסלעכווײַז פֿונעם פּדיון

א', „ שע, מע□יות פֿאַר ייִדישע קינדער II.
־ונג — “דעם טאָג וואָס מיר ווערן געבוירן
הייבן מיר אָן צו שטאַרבן, יעדער טאָג — אַן
א, על חשבון“, שמ, היימיש, אלול תּשי“ח.
־עכ□ן — „אַמאָל פֿלעגט ער דאַרפֿן ענטפֿערן

□

אַן א', „ ש. בעקערמאַנן, דיא געהיימניסע פֿון
אַדעס, אַדעס 1885. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.

אײַנצאָלעריש — אַדי. וואָס איז פֿאַרבונדן
מיטן אײַנצאָלן. א'ע שוועריקייטן.

אײַנצאַם — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון
אײַנצאַמען. 2. רעזולטאַט פֿון אײַנצאַמען. פּלויט,
דאַמבע, שטערונג. „איבערפֿלייץ דײַן לאַנד ווי
דער נילוס. טאָכטער תּרשיש, ניטאָ מער קיין
א„„ תּי, ישעיה, כג, 10.

אײַנצאַמען — טרוו. צאַם אײַן, □, געצאַמט.

פּפֿ: ~צאָמען, ~צוימען. 1. מאַכן אַ צאַם, פֿלויט. אַרומנעמען מיט אַ צאַם. א, דאָס אייגענע שטיק פֿעלד. 2. אָנטאָן אַ צאַם (צוים) אויף אַ פֿערד. א, דאָס פֿערדל. 3. אײַנהאַלטן. קאָנטראָלירן. דיסציפּלינירן. א, דאָס פֿערד אין געלויף. א, די צעווילדעוועטע חבֿרה. אויך: א, אַ וואַסערפֿאַל פֿאַר אַן אינדוסטריעלן צוועק. א, די פֿאַרפֿלייצונג.

4. אײַנהאַמעווען, אָפּשטעלן. ניט לאָזן זיך פֿונאַנדערשפּרייטן פֿאַרקלענערן דעם טעמפּאָ.

.

א, די פֿאַרלאַנגען, דעם אַפּעטיט. א, דעם יצר.

אײַנצאַנקען

א אַפֿילו די האָפֿענונגען. „מיט אַ שפֿענדל קען

,

מען דעם ים (שטראָם, טײַך אע) ניט א'„, שוו. „כ'האָב איינמאָל אײַנגעצאַמט די רגע — און האָבֿ די זון אַרויסגערופֿן“, בֿ. לאַפּין, דער פֿולער קרוג. „אפֿשר דערפֿאַר האָט דער פּאָעט געפּרוווט נוצן די א'דיקע און אײַנהאַלטנדיקע סאָנעט־פֿאָרעם„, שנ ה. לייוויק.

5. אונטערדריקן. אַרויפֿלייגן אַ פֿאַרבאָט. פֿאַרווערן פֿאַרמינערן רעכט. א, די
פּערזענ־ .
לעכע רעכט. א, פֿרײַהייט.

6. מיט מאַכט פֿאַרמינערן וואָס דאָס זאָל ניט זײַן. א, דעם געברויך.

7. אײַננעמען. מאַכן עס זאָל אויסזען דינער, שמעלער. א, די פֿיגור מיט אַ קאָרסעט.

מיט ז י ך — „זי האָט זיך ניט געקענט א, אין אירע באַדערפֿטיקייטן“, עוזר בלאָשטיין, די פֿינסטערע וועלט, ווילנע 1889. „די דינים האָבן מיטגעווירקט אַז אינעם באַראַקטער פֿונעם ייִדן זאָל זיך אויסאַרבעטן די מידה פֿון א, זיך“, ליטע, ווילנע 1919, העפֿט 2.

־ונג — א'ען פֿון הוצאָות, פֿון גלוסטונגען.

־עכ□ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) — „די א'ין פֿון מײַן אומגעצאַמטקייט“, נאַד איבז, ווי
□יך זע עס.

איינצאַנקען — אוטוו. צאַנק אײַן, □י.,געצאַנקט.
--

בּיסלעכווײַז צאַנקען [שוין אין צאַנקען איז פֿאַראַן דער מאָמענט פֿון בּיסלעכווײַזקייט, אָבער דער קאָנווערב אײַנ־ הייבט עס מער

אַרויס]. א, ווי אַ ליכט. א, פֿון שווינדזוכט. א,
פֿאַר דער צײַט.
אײַנצאַפּן — טרוו. צאַפּ אײַן, ~געצאַפּט.
מאַכן אַרײַנרינען אין אַ כלי. אויסצאַפּן ווײַן
פֿון אַ פֿעסל און א, אין קריגעלעך ־עניש.
.
אײַנצאַצקען — טרוו. ־קע אײַן, ~געצאַצקעט.
פּפֿ ~צאַצקעווען. אײַנפּוצן, אײַנצירן מיט
צאַצקעס. א אַ קלייד, אַ היטעלע. א אַן
עטאַ, ,
זשערקע. א, דעם זאַל, די סוכּה. ־עניש.
אײַנצאָר(ע)נען — טרוו. ־רן אײַן, ~
געצאָרנט. אַרײַנבּרענגען אין צאָרן, דערפֿירן צו
גרויסן כּעס. א, עמעצן אַז יענער זאָל
שפּרינגען פֿון דער הויט ־ונג.
.
אײַנצוואָגן — טרוו. צוואָג אײַן, ~געצוואָגן.
1. אײַנוואַשן מיט זייף דעם קאָפּ האָר, בּכלל
די האָריקע ערטער. א, די קינדער און
פֿאַרקעמען זיי שיין. *א, עמעצן דעם קאָפּ = אויך:
א) אים אָנזידלען, אויסמוסרן; ב) אָפּנאָרן.
2. דזוו אײַנזייפֿן, אַרײַננאַרן, פֿאַרפֿירן אין אַן
ענין, געשעפֿט וואָס לוינט ניט. א, בײַם שפּילן
אָקע. א, מיט גלאַטיקע ריידעלעך.

אויך מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
איינצווייגן — טרוו. צווײַג אײַן, ~געצווײַגט.
-- -

1. אײַנטיילן אין אָפּטיילונגען, אַזוי ווי צווײַגן פֿון איין שטאַם. א, דאָס געשעפֿט, די אונטערנעמונג. „אונדזער פֿאָלקסבאַנק איז אויסגעוואַקסן און מע דאַרף זי א,,,, רייד (קאָוונע).
2. אײַנטיילן אין גרופּעס. א, אַ גרויסן פֿאַראיין.
מיט ז י ך — דזוו צעצווײַגן זיך. „מיר האָבן

12()7

זיך אײַנגעפֿלאָכטן, אײַנגעצווײַגט,,, יג, פֿאָלק און וועלט, אַפּריל 1963. ־ונג.
אײַנצווינגען — טרוו. צווינג אײַן, ..־,
געצוואונגען. צווינגען, נייטן בײַזן אויספֿועלן. אײַנהאַמעווען. אײַנהאַלטן. א, דעם וואַסערפֿאַל. „דער (תּהום) זאָל דען (עולם) ניט פֿר פֿליצן, דא האָט מײַן צערקל אײַן גצוואונגן דען תּהום“, מחזור שלש רגלים אַמשט 1713, רמט/א. „ווען דײַן חבֿר רידיט איין זאַך מיט גאוה אונ דוא קענשׂט אים ניט אײַן צווינגן...,,, ספֿר חסידים, תּק״ז? אָרט? „איז... עקסטרע געפּאָרן

מיטן מאַרש קיין קאַרלין א, אים מיט קונפֿטיקע קאָזאַקן“, יק.
מיט ז י ך — זיך א, און זיך אײַנהאַלטן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
איינצוויקלען — טרוו. ־קל אײַן, ~געצוויקלט.
-
אַרײַנשטעלן אַ צוויקל (פֿרײַער, ברייטער צו מאַכן). א, אין דער בלוזקע אַ קאָלירטע פּאַסמע.
־עניש.
איינצוויקן — טרוו. צוויק אײַן, ~געצוויקט.
-
1. אײַנקלעמען. א, אַ דראָט מיט אַ צוועגל.
2. אײַנקנײַפּן. א, אַ שטיק באַק. 3. (
שנײַדער) אַ ביסל אײַנשנײַדן, אײַנהאַקן מיט דער שער. א, אַ פֿאַס. ־עניש.
איינצוועקן — טרוו. צוועק אײַן, ~געצוועקט.
-
האָבן אַ קלאָרע כּוונה, אַ ציל און טיילווײַז דערגרייכן. א, די פֿאַרקלענערונג פֿון הוצאָות.
אײַנצויבערן — דזוו אײַנכּישופֿן ←.
איינצוימען — ← אײַנצאַמען. צום ב2:

-

„אַבֿרהם איז אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי און האָט אײַנגעצוימט זײַן אייזל“, א. י. שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבערג תּרס„ט. „ניט א, אַזאַ בראַנדיקן אָגער?“, ש. גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿון לעבן, מאָסקווע 1948. צום ב3: „צוימט ניט אײַן דעם טײַך, ער עפֿנט די דאַמבן“, קאָר II. „א, דעם שטורעם פֿון דער צײַט“, שנ. צום ב4: א, דעם כעס. „אויב דו ווייסט נאָר ווי אַזוי די מידות רעות אײַנצוצוימען“, הר, אין שאָטן פֿון בוים פֿאַר ביאַליקן איז די פּאָעזיע די
I „

עכטע מאַכט אײַנצוצוימען אַ שטורמיק עכט געפֿיל אין האַרטע, גלאַנציקע ווערטער פֿון אַ שפּראַך„, בעמ I. צום ב5: „ניט אויס דעם חומר פֿון אײַערע געטער איז דער גאָט פֿון אַבֿרהם געמאַכט, אַז מע זאָל אים קאָנען א, און נעמען געפֿאַנגען„, אַש, משה. צום ב6: „מע מוז א, די קאָנסומציע, פֿאַרקלענערן דעם אימפּאָרט„, דוד פֿלינקער, טמז, 24 1965 II. צום ב7: “... האָט געטראָגן אַ ווײַסן זומער־קאָסטיום וואָס האָט עטוואָס אײַנגעצוימט איר פֿולבלעכע פֿיגור, זי געמאַכט אײדעלער, שלאַנקער„, סאָוועטישע ליטעראַטור, קיִעוו 1938,

.No 10

מיט ז י ך — ,,יעדער מענטש... דאַרף זיך
א, און אויף זיך אַסרן וואָס מותּר איז כּדי
כּובֿש צו זײַן דעם יצר,,, ר, יצחק האַמבּורגער
איבּז, פּלא יועץ, ווילנע 1898.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)

— א, פֿון ווילדע חיות ־עריי.

—   .

אײנצײַטיק

--

אײַנצוקן — טרוו. צוק אײַן, ׳ י.,,געצוקט.

1. צעררײַסן און אויפֿפּרעסן. אַ וואָלף צוקט
אײַן אַ שעפֿעלע. 2. אומבּרענגען. רואינירן.
די גרויסע געשעפֿטן צוקן אײַן די קליינע.
־עניש.

איינצוקערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געצוקערט.

-

1. אַרײַנשיטן צוקער. א, לימענע־זאַפֿט. א,
פּרוכטזופּ. 2. באַשיטן מיט צוקער. א, די
קיכלעך. א, האַרטע טייגלעך. 3.
פּרעזערווירן מיט דער הילף פֿון צוקער. א, יאַגעדעס
אין סלאָיען. א, קאַרשן, מאַלינעס אע. 4. אין

פּאַסיוו — אײַנגעצוקערט ווערן. קאַליע ווערן (וועגן אײַנגעמאַכטס אע) איבער צו פֿיל צוקער. דאָס אײַנגעמאַכטס איז אײַנגעצוקערט געוואָרן.
5. מאַכן צוציִענדיק. "נאָך אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן האָט היטלער זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז די אַנטי־ייִדישע אידעאָלאָגיע דאַרף מען א, אין וויסנשאַפֿט איידער מע דערלאַנגט דאָס דעם עולם,,, מוו'... פּראָפֿעסאָרן מיט ז י ך. ־ונג.

אײַנצי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנציִען. 2. יעדער מיטל אויף אײַנצוציִען. אַ גומענער א, אויף זאָקן, בײַ די הײַזלעך אע. א'־מ ו ס ק ל. ־אונג — פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנציִען.

איינציגלדיק — אַדי. וואָס באַשטייט פֿון איין ציגל; וואָס פֿאַרנעמט נאָר איין ציגל. א'ע גרעב. ,,איבער אַ דינער א'ער וואַנט, וויגט זיך אום... אונדזער אינסטרוקטער,,, מאָטיע דעכטיאַר, בויעך, מינסק 1936.

אײַנציוויליזירן — טרוו. ־זיר אײַן, ~ ציוויליזירט. מאַכן אַ ביסל ציוויליזירט. צוגעוואוינען צו אַ מער ציוויליזירטן שטייגער לעבן. ,,קענען די אינסטיטוטשיקעס קיין גרויסן אײַנפֿלוס נישט האָבן אויף זיטאָמירער עולם אין

א, אים,,, ייִפֿאָל, 38 1885, No ־ונג — דאָרטן.
.
אײַנציטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געציטערט. מאַכן ציטערן. אַרײַנקריצן אין געמיט, אין זכּרון מיט אַ ציטערניש. א, אין די ק מענדיקע דורות די פּרטים פֿון חורבן. א, און אויספּרעסן געלט. ,,אַ רושם וואָס ווערט אײַנגעציטערט אויף אייביק,,, יג איק, 11 1966 III. ־ניש.
אײַנצײַגן — טרוו. צײַג אײַן, ~געצײַגט. אײַנווײַזן. אָנווײַזן. אײַנמעלדן. ,,ווער עס וויל איבערנעמען די קאָמיסיאָנען פֿון אונדזערע בלעטער זאָל אונדז באַצײַטנס א',,, קמ, 1866, No 46. ,,מע האָט אים גלײַך אַ שיינעם צימער אײַנגעצײַגט אין קייזערלעכן הויף“, ל. יאָסעלאָוויץ, דער פֿערוואַגלטער (הנדוד), ווילנע תּרמ,,ו.
איינצײַט — די, ־ן. די זעלבע צײַט. “דער נס פֿון באַפֿרײַאונג האָט זיי צונויפֿגעשמידט אין איין א,,,, הלל זײַדמאַן, טמז, 23 1954 I.
איינצײַטיק — אַדי. וואָס איז אין דער זעלביקער צײַט. גלײַכצײַטיק. א'ע געשעענישן. א'ע אויפֿגאַבעס. האָבן א, צוויי מאַנען (ווײַבער). אויפֿהייבן דאָס ייִנגעלע און א, אײַנרוימען אים

איינצייטלער

-

אין אויער. „מע קאָן איר טאַקע געבן א, אי
50 אי 60 יאָר“, יר, גש I. „די טרויעריקייט און
פֿאַרשעמטקייט האָט אָבער א, אויף איר
אויסגעגאָסן זייער אַ טײַערן חן„, אַש, תּהילים־ייִד.
־יקייט.
איינצייטלער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. נעאָל.

-

ווער עס לעבט אין איין צײַט, אין דער
זעלביקער צײַט מיטן ריידער אָדער בעל־דבֿר.
בנדור. מיטצײַטלער. מײַן זיידנס א'.
איינצייכן — דער, ־ס. נעאָל. (

אײַנגעקריצטער) צייכן, סימן. אָן א, אויף מעטאַל.
איינצייכעניש — דאָס (די), ־ן. 1.

גערויער

--

דיקער פּראָצעס סון אײַנצייכענען. אַן א, וואָס

האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן טאָג. 2. סימן. אײַנצייכן. א'ן אויף קליידער וואָס מע גיט אָפּ רייניקן. אַן א, וואו מע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם לייענען, לערנען אע. פֿיג. „די יאָרן פֿון חורבן האָבן געלאָזן אויף זיי אַן א, אויף שטענדיק„. 3. סימן פֿון אַן אָנהייב. אַן א, א ו י ף גרויסע געשעענישן. „זי האָט אים געשריבן: מיר האָבן נאָך קיין שום א, אויף פֿסח“, איין שיינה מע ה פֿון איין גרעפֿין..., טשערנאָוויץ 1862. 4. רשימה. פֿאַרצייכעניש. אַן א, פֿון די סחורות. 5. ציטאַט. “זיי וועלן דאָ זען אַן א, פֿון דעם שבֿחי הבעשט אָדער פֿון דער סיפּורי־מע יות“, יפּ, ,הקדמה, צו ,מגלה טמירין'.

6. גויאישע לוויה [?]. דרייזין.

אײַנצייכענען — טרוו. ־כּן אײַן, ~געצייכנט.

1. אַרײַנצייכענען. מאַכן אַ צייכענונג אין עפּעס. א, עטלעכע שטריכן אין אַ בילד. 2. מאַכן אַ צייכן, אַ סימן. זיך מאַרקירן. „נעם די צוויי חלות און צייכן אײַן די אונטערשטע חלה און הייב זי אויף מיטביידע הענט און מאַך המוציא מיט גרויס כּוונה„, סשי I, פּ'. 3. אײַנשרײַבן פֿאַרנאָטירן. א, די פּאַסירונג אין טאָג.

בוך. א, דעם נאָמען אין דער ליסטע פֿון די
געסט. א, די הוצאָה. „דו וועסט... א, אַלע
וואָך, צו יעדער סדרה, דאָס געלט וואָס דו
וועסט אים געבן“, י. גוידאָ, דער נײַער
פּראָצענטניק, ווילנע 1893. 4. אָנווײַזן.
רעקאָמענדירן. „דער כּלל איז, דער שדכן פֿאַרדינט
טאָפּל: איינס, פֿאַר דעם א„ צווייטנס, צו דעם
צונויפֿברענגען חתן־כּלה זיך זען“, מסדר אגרת,
ווילנע־גראָדנע תקפּ„ה. 5. אײַנקריצן. א, אין
מעטאַל די איניציאַלן. „האָבן אין מיר
אײַנגעצייכנט, אײַנגעוואָרצלט... ליבשאַפֿט“, א.
שומיאטשער, טמז, 18 2 19 XI.

מיט זיך — א, זיך צום פֿאַרגעדענקען.
פֿאַר מײַן אַוועקגיין... האָב איך זיך גוט
„ —
אײַנגעצייכנט זייערע געזיכטער“, י. ד. טאָיב,
דער קדיש..., ווילנע תּרמ„ט.

־ונג. —עניש. ־ער (־ין, —קע).

איינציילן — טרוו. צייל אײַן, ,געציילט.

-

1. דורכפֿירן אַ ציילונג. אַרײַננעמען אין
חשבון. א, אַלע זאַכן. מע) פֿאַרטײַטשט 'איש לפֿי
אָכלו תכסו על השׂה, (שמות, יב, 4): “איר זאָלט
איין צילן„ [תּי: „ציילן“]. 2. שמײַסן און

ציילן די שמיץ. א, 39 מלקות. א, די
בּונטאָווּשטשיקעס צו 25 ריטער.
3. בּכיוון אָפּנאַרן בּײַם ציילן. א, עטלעכע
קערבּלעך [דאָס א, גייט אַזוי על־פּי אַ וויציקער
סיסטעם: איינס, צוויי... זיבּן — וויפֿל
קינדער האָסטו? אָ צען. עלף, צוועלף, דרײַצן,
... — וו אַלט איז די עלטסטע טאָכטער. —
י

אַכצן... נײַנצן, צוואַנציק... אאַזוו].
מיט ז י ך — זיך טועה זײַן, זיך אַליין
אָפּנאַרן בּײַם ציילן, בּײַם געבּן אויסגאָבּ אע.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
איינציינדלען
— טרוו ־דל אײַן, ~געציינדלט.
-
1. מאַכן קאַרבּן. אײַנשטשערבּען. א אַ טעפּל,
,
אַ הילצערנעם לעפֿל (אַ סימן פֿאַר מילכיקס).
2. מאַכן ציינדלעך. א אַ דין בּרעטל, מאַכן
, .

פֿון דעם אַ הילצערנע קאַם ־ונג.

.

איינציינען זיך — אוטוו. ציין זיך אײַן, זיך

-

~געציינט. נעאָל. אײַנבײַסן זיך מיט די ציין (עס זאָלן בלײַבן טיפֿע סימנים). ״מײַן ניגון האָט טרויעריק געיאָמערט, דער פֿײַנד האָט זיך אין מיר אײַנגעציינט„, א. יאָאַכימאָוויטש, טמז, 1970 ▯ 3.

איינצילן זיך

— אוטוו. ציל זיך אײַן, זיך

-▯

▯י.,געצילט. אָנגעשטרענגט קוקן אין ציל. זיך מיִען צו טרעפֿן אין ציל. א, זיך און אויסשיסן און טרעפֿן ווי אַ בלינדער אין אַ פֿינצטערער נאַכט.

איינצילען — טרוו. ־לע אײַן, ~געצילעט.

-▯

דזוו אײַנסילען. „אַזוי באַלד איינער קען נאָר אַ נאָדל א', אַ זייגערל צענעמען, אַ חתימהלע שטעכן, אַ פּרווו אָפּברענען — איז ער שוין אַ מײַנסטער„, גענאַרטע וועלט, 1815?

איינצימבלען

— טרוו ־בל אײַן, ..,
געצים—
.
בלט. 1. אַרײַנקלאַפּן אין צימבל. א אַ מאַרש.
,
2. אַרײַנשמײַסן. א, פּײַערדיקע שמיץ. א,
עמעצן אויף צו געדענקען. ־עכן. ־עניש.
־ער.
איינצימערדיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין
צימער. אַן א'ע וואוינונג. „אין זײַן א'ער דירה
איז אים געראַמער, ווי אין אַלע מײַנע דרײַ
חדרים„, נ. זאַבאַרע, סאָוו, היימלאַנד, 1967,
.No 9
איינצ(י)מצומען — טרוו. ־צום אײַן, ,
גע־
צימצומט. < צמצום. מצמצם זײַן. דורכפֿירן,
מאַכן אויף אַ צימצומדיקן אופֿן, קורץ,
קאָמפּאַקט. א, פֿאַרלאַנגען, האָפֿענונגען. מיט ז י ך
— ״די שטילקייט האָט זיך אײַנגעצימצומט אין
אַ קליינער טרער״, סוצ.
איינצינטעווען — טרוו ־טעווע אײַן, .,,
גע—
.
צינטעוועט. (גנבֿים־לשון) אײַנזעצן אין
תּפֿיסה. א, עמעצן פֿאַר זײַנע מעשׂים־טובֿים. א,

פֿאַרן זאָגן תּהילים.
איינצינקע(ווע)ן — טרוו. צינק(עווע) אײַן,
--

□ י־,געצינק(עווע)ט. אַרומנעמען, באַדעקן מיט
צינק. א, אַ פּלאַטע.
אײַנציִען — טרוו & אוטוו. צי אײַן, ~געצויגן.

□ .
1. אײַננעמען, אײַנשמעלערן. א, (אין) דעם

אײַנצ□ען

סטאָן. "איר זעט? אָט דאָ דאַרף מען א, אַ
ביסל,,.
2. מאַכן שטײַפֿער, ענגער. א, דעם שטריק,
די פֿעטליע אַרום האַלדז. א, דעם גאַרטל. *א,
דעם פּאַסיק = זײַן געצוואונגען
אונטערצוהונגערן, צו שפּאָרן אויפֿן עסן. א, דעם פּאַסיק
און
מאַכן אַ שווײַג. ,,[נאָך דער ברכה] ציט מען אײַן
די רצועה גוט און מע וויקלט אַרום דער האַנט
זיך כּריכות", סשי I. *א, דעם שטריק = אַלץ
מער אַוועקנעמען די מעגלעכקייטן זיך
אַרויסצוראַטעווען.

3. אַרײַנבּרענגען. אַרײַנשלעפּן. בּרענגען נענטער צו זיך, צום אייגענעם גוף. א, די זאַכן פֿון דרויסן אין שטוב אַרײַן. „אַ בּן־טובֿים ציט אײַן דעם לולבֿ פֿאַר די נענועים„, דלוגאַטש, ווערלט מסורה, וואַרשע 1881.

4. (בּשײַכות מיט פֿונקציעס פֿון קערפּער) אַרײַננעמען אין זיך. מאַכן עס זאָל ניט אַרויסשטאַרצן. א, לופֿט מיט דער נאָז. א, דעם בּויך און אַרויסשטעלן די בּרוסט. א, דעם האַלדז.

*א, ס'פּיסקעלע (מײַלעכל, ליפּעלעך) = ווערן אָנגעצויגן, בּרוגז. „ווערט אַן אייזל קליגער, ווען ער ציט אײַן די אויערן?“. „ציט אײַן דעם אָטעם אין זיך, קוועטשט זיך“, ממוס, שלמה. „צי אײַן די פֿיס, ווען זיי ניט לויפֿן אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן“, פֿוול. “דען [די מלאָכים] זיצן ניט אונ, ליגן ניט, ממילא דרפֿן זיא די פֿיס ניט איין צו ציהן“, סהמ, יחזקאל, א, 6. „כּמעט א'דיק דעם אָטעם, גראָבּט זי... אײַן איר קעפּל אין דער מאַמעס שויס“, ד. י. זילבּערבּוש, מענשען און געשעהענישען II, ווין 1931. „... צעעפֿנט אירע גרויסע אויגן... אײַנגעצויגן די לענגלעכע בּרעמען„, אָפּאָ־ יגײַנער'.

5. אײַנזאַפּן, אײַנזויגן. „ועש... ציִען אײַן

אין זיך דעם שווייס,,, דר, מ. גאַטליעבּ
פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע 1908. ,,אַן
איי וואָס איז געקאָכט מיט בּשׂמים אסורים איז
אַפּילו איר געלכל אויך אָסור, ווײַל דאָס ציט
אין זיך אײַן'', זרעים, פּג/א. ,,ווי מע לייגט
אַרײַן די וואָלענע קלייד אין קעסל, ציט זי בּאַלד
אײַן אין זיך די גאַנצע פּאַרבּ,,, ש. שפּירא,
קליידער־אַרבּערײַ, וואַרשע 1900. ,,
איבּערפּאָליטורן עטלעכע מאָל... די פּאָרן [זאָלן]
ווײַטער די פּאָליטור נישט א''', בּער.
6 פּאַרקלענערן. אײַנשרומפּן. אײַנהאַלטן.
.
א, די הוצאָות. א, די צאָל פּקידים. ,,אַלזו וויל
איך מײַן פּעדיר אין ציאין, נור שרײַבּין דאז....,,
גה, 324.
7. צוריקציִען. א, אַ פּאָר דיוויזיעס פּון די
פּראָנטן.
8. אַרײַנציִען. צונויפּקלײַבּן. אײַנזאַמלען. א,
דאָס פּאָלק צום יום־טובֿ. א, אין מיליטער אויך
די רעזערוויסטן. האָט מען אים אײַנגעצויגן
אום חנוכּה,,, איבּז, ספּורי נפלאות, לבֿובֿ תּר''י.
9. בּאַגרענעצן, אײַנצוימען. האַמעווען. א,
דעם כּעס, די תּאווה. ''עס וואָלט אַ יושר געווען

דאָס פּריצות שטאַרק אײַנצוציִען,,, קמ, 1867,
No 9. ,,זײַט דער צײַט האָט מען אין דער

גאַנ
איינציפֿערדיק

צער וועלט אָנגעהויבּן אײַנצוציִען די פֿרײַהייט
וואָס איז פֿריִער געקומען פֿון פֿראַנקרײַך",
ייִפֿאָל, 1 X 1881.
() 1. מאַכן עמעצן פֿאַר אַ מיטבאַטייליקטן אין
עפּעס. אַרײַנציִען. א, עמעצן אין אַ חבֿרה.
,,דורך דעם ווערט ער שוין אַזוי אײַנגעצויגן
אין די עבֿירות", י. ל. אָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר,
י
ווילנע תּרל"ו. א, אַ גוטע קונדשאַפֿט. *א, אַ
געשעפֿט, אַן אָרט = אַרײַנבּרענגען מער קונדן.
,,האָט זי געהאָפֿט אַז אַ נײַע צורה וועט א,
דאָס אָרט", א. קארפּינאָוויטש, בּײַס ווילנער
דורכהויף, תּ"אָ 1967. 11. (פּאַסיווע פֿאָרעם,
נייטראַל) ווערן (אויסזען) דאַרער, בּלייכער,
שוואַכער. ,,דאָס פּנים איז געוואָרן אַזוי
אײַנגעצויגן אַז עס זעט אויס ווי אַ גרוגרת דר, צדוק".
,,מיר ווערן אײַנגעשרומפּן, אײַנגעצויגן,
אָפּגעשטויסן,,, פּרץ.

12. אַרכ. אַרעסטירן. פֿאַרהאַלטן. ,,עטליכי יודן זײַן װאָרדן אין גיצאגן, אירשׂ ממון האבּן זיא װעלן גינישׂן,,, װינץ.

13. אַרכ. צוריקנעמען װאָס מע האָט געזאָגט. ,,זעלט דען דער קינג זײַן ריד װידר אײַן ציהן", מרדכי.

14. אוטװ. אַרכ. אָרײַנקלײַבּן זיך, אָריבּערקומען פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. ,,אַזו בּאַלד אַז ער קויפֿט איין הויז אודר אָזו בּאַלד אַז ערשׂ אַן היבּט צו בּויאן, דא מוז ער דיא בּרכה מאַכן אי ער איין ציהט, דען דיא שׂמחה קומט אַן בּאַלד אַז ערשׂ האָט גיקויפֿט,,, לט1, קמד/א. ,,אין אלול שע,,ה זיא אײַן צוגן, זיא צוגן אײַן אין אייטל מורא", װינץ. ,,גינגן הין און, צוגין אײַן צו הערבּריג,,, שעריר, מא, 17. ,,אידרמאן צאך אָל דא צו אים אײַן,,, ספֿר משלים 1686 ◻ ,II, מח/א.

מיט ז י ך — א, זיך און װערן װי אַ בּייגל. ,,אויבֿ די װעלט איז געגליכן צו אַ מאַשינע, איז טאַקע יודל־לעבֿ דאָרט די ספּרונזשינע װאָס ציט זיך אײַן און ציט זיך אויס אויך לאַנג", ממוס, יודל. ,,ער האָט זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט בּיידע הענט און האָט זיך אינגאַנצן אײַנגעצויגן", פּרץ חסידיש. ,,און װי שיין איז

געווען צו זען דעם דאָזיקן גרויסן גוף ווי ער פֿלעגט זיך צונויפֿקאָרטשען און א'', מ. טײַטש איבֿז, ח. נ. בּיאַליק, אַריה בּעל־גוף. „האָלץ האַלט שטענדיק אין א, זיך'', בּער.

־עכ◻ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

—ערײַ.

איינציפֿערדיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין ציפֿער. א'ע צאָל.

איינציק — אַדי. 1) ◻ .M◻d◻: ein◻i. וואָס איז נאָר איינער (איינע, איינס), אַזאַ וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלײַכנס. „הש''י איז א, און, איז קיינר ניט אייניג ווי ער איז'', עח, ז/ג. „דוא גרושׂיר איינציגר גאָט, איך בּיט דיך פֿון גרונט מײַנישׂ הערטצין„, גה, 125. ''מיר האָבּן ניט פֿאַרלאָזט דעם גאָט דעם א'ן, דעם גאָט דעם וואָרן'', צײַט, גל II. „אָנהייבּן פֿון געשעפֿט — דאָס בּעסטע, א'ע מיטל ריידנדיק צו מאַכן אַ ייִדן'', ממוס פֿישקע.

-

,

◻

2. וואָס בּאַטרעפֿט אין דער צאָל איינס. וואָס

איז ניטאָ נאָך איינס. ס'איז דאָס א'ע מיטל
וואָס.... אַן א'ע טרייסט. אַן א'ער
עקזעמפּלאַר. אַן א'ער צדיק צווישן אַזוי פּיל רשעים.
,,נאָכן חורבן בין איך אין שטעטל געבליבן
דער א'ער ייִד,,. ,,דער שמשׂ... הענגט אויף
דעם גאַנצן עולמס א'ן האַנטעך,,, ממוס, שלמה.
,,די בתי־מדרשים זײַנען בײַ ייִדן דאָס א'ע אָרט
וואו מע קלײַבט זיך צונויף“, יק. ,,האָבן זיך
אַרומגעהאַלטן בײַ די הענט און אַרום דעם
רבין געטאַנצט, געזונגען די א'ע סטראָפּע, וואָס
זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן,,, אַש,
תּהילים־ייִד.
3. וואָס איז איינס אין דער משפּחה, אַ
בןיחיד אָדער אַ בת־יחידה. ,,אַז מע וועט
אויספּאָרן מיט שיפּן פּיל ימען, וועט מען ניט
געפֿינען דײַן א'ער מאַמען“ פּל. ,,צי בין איך דען
,
נישט דײַן א, קינד? צוואָס האָסטו מיך
אָפּגעגעבן צו אַ גרויס געזינד,, פּל. ,,נון, האָט □ר
,
זעלביג שׂר איין איינצגי טאָכטר,,, פּראָגער
מב [אַווע III]. ,,שפּראַך הקב,,ה צו אַבֿרהם: נום
דײַן א'ן זון...,,, בראַנט. ,,דער מאַמען שרײַבט
איר א, קינד, כאַפּ עס אויף, דו ליבער ווינט,,,

פּרץ, לידער און פּאָעמען. „מיט פֿיל מי און
גרויסע צרות האָבֿ איך אויסגעהאָדעוועט מײַן
קינד, מײַן א, קינד, מײַן טרייסט אין לעבֿן,,,
ממוס, □דיזי[ו.
4. אויסנאַמיק; וואָס איז אַ יוצא־מן־הכּלל.
א, אין זײַן מין. אַן א'ער אין זײַן איידעלן

□

באַנעמען זיך. ‘‘צו דעם פֿרומען און
גאָטספּאָרכטיקן, וואָס צווישן חסידים איז זײַן כּבֿוד
א',,, יד, אבֿן נגף. „וואָס איז געגעבֿן דען צו
טאָן דעם א'ן אין אַ דור פֿון שווערד און גאווה,,,
יעק□ פֿרידמאַ□, נפֿילים.
5. מיט אַ נעגאַציע, מיט ק י י ן — קיינער
ניט. וואָס האָט אַ נול־באַטײַט. ניט קענען
אויסרעון קיין א, וואָרט. קיין א, ווערק זײַנס האָט
מען ניט □אַרעפֿנטלעכט. „באמת לעבֿט קיין
-

א'ער מענטש אויף די וועלט במנוחה,,, ר, יצחק
האַמבורגער איבֿז, □יח יצחק, קראָקע 1882.
„קיין א'ער רבֿ האָט ניט געוואָלט נעמען אויף

זיך אַזאַ חטא, קיין א'ער דיין האָט זיך ניט
אונטערגעשטעלט עס צו טאָן“, פּרץ, פֿאָלקסט,
געשיכטן. „קיין א, ליכט זע איך ניט ברענען“,
פֿרוג II. „ערשט פֿון דעם פּי פֿון ישׂראל איז
צומאָל אָן א'ס ניט געשטאָרבן“, תּי, שמות,
ט, 7.

6. (אין מצ) געציילטע, עטלעכע. געקליבענע,
ניט־גלײַכע צו אַנדערע. „נאָר א'ע מענטשן טוט
ברוך־הוא בענטשן„, שוו. „עס זאָל זײַן צווישן
די געלערנטע לײַט א'ע מענטשן, כּלומר
אויסגעקליבענע מענטשן, וואָס זענען גאַנץ פֿרום“,
חה, ב, רעד. „און מאַכט זיך אַמאָל חטאָים,
סאַרזינדיקן זיך דאָך נאָר א'ע מענטשן, אָבער
-

נישט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, חלילה“, ממוס,
אַ סגולה.... „עס זענען זיי פֿאַרבליבן בלויז
א'ע קוילן, מיט וועלכע זיי האָבן אַ סוף
געמאַכט צו זייערע יונגע לעבנס“, ש. י. דאָרפֿזאָן,
טמז, 4 7 19 I.

איינציקאַרטיק

7. באַזונדער. אָפּגעזונדערט פֿון א'

טראָ. ,,
פֿנס ווערט אַ גאַנצער רעגן,,, שוו. א'ע
גאָלדקערנדלעך צווישן הויפֿנס זאַמד. א'ע פערזאָנען
וואָס שטייען ניט צו צו אַ גרופּע. באַשטימען
אין יעדער א'ן פֿאַל וואָסער אורטייל
אַרויסצוגעבן. ,,פֿון קאָפּ האָר זײַנען איבערגעבליבן א'ע
הערעלעך,,. ,,ס'קומען טרערן ווי אַ קאַרגער א'י
טראָפּנדיקער רעגן", מאָל.
8. וואָס באַשטייט בלויז פֿון אַן איינס, וואָ
איז ניט צווייפֿאַכיק אָדער מערפֿאַכיק. אַן א'ע
אינטעגראַל. 9. איינזאַם. וואָס איז אַליין. סה
פֿאַרטײַטשט ,ואני שכולה וגלמודה, (ישעי ,
מט, 21): ,,און איך בין איין אונפֿרובטיגרן
אודר איין פֿר וואַרפֿן און, איינצג". ,,קער דיך
צו אונז און, לײַט זעליג אונז, דען מיר זײַן
איינציגי און, ארמי,,, מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג
1721. ,,אַזוי אַן א'ע אשה אַזוי, אַ לאַנגע צײַט
ווי זי איז אַן עקרה געווען,,, מחזור לראש השנה,
סלאַוויטע 1832, טז/ב.
10. אָריגינעל, ניט־נאָכגעמאַכט. ,,דאָס איז
די א'ע סטאַטוע, אַלע אַנדערע זײַנען
נאָכקאָפּירט".
11. אַדוו. אַרכ. בלויז. ,,דער מענש אים [דער

רבּונו־של־עולם] איינציג ביצאהלט,,, גה, 6.
,,דער מענש זײַן פֿר נעמשׂטי (מעלה)...
בּשטייט נור איינציג אין זײַן רידנשׂ קונשׂט“, אבֿן
י◌ראל, מעץ 1766.

אָפֿט סוב. דער א'ער = דער רבּונו־של־עולם.
דער א'ער ווּעמען מע מעג געטרויען. ,,דאָס א'ע
וואָס איך בּין אין שטאַנד דערווײַל צו טאָן
פֿאַר...,,, ממוס, ווינטשפֿ. ,,ווי אַזוי בּיסטו,
מײַן טײַערע, מײַן א'ע פֿאַרטריבּן געוואָרן?,,,

נוצ, לבֿ/א. ,,ניט דערלעבן זאָלן די שׂונאים אָן
מיר אַ נקמה — דאָס א'ע בּעט איך נאָר בּײַ
גאָט,, פֿל.

יעדער א'ער — יעדער איינער, יעדערער.
יעדער א'ער וועט אַזוי טאָן. ,,יעדער א'ער ייִד
דערציילט אַ גוטן־בּרודער, אַן איש נאמן,, ◌
סמב.
איינציק און אַליין —. פֿראַזע.
אויסשליסלעך, אויסנאַמיק. ,,... טראַנספֿער־שטעלע, דורך
וועלכער די ייִדן קענען אַנטהאַלטן א, א, אַ,
די פֿאַרבּינדונג מיט דער אומוועלט,,, ע.

רינגעלבלום, כתּבים פֿון געטאָ.

איינציקאַרטיק — אַדי. 1. אָריגינעל; וואָס האָט ספּעציפֿישע כאַראַקטער־שטריכן. אַן א'ער יום־טובֿ. אַן א'ער בריוונשטעלער. "זײַן א, אויסגעשאַרפֿט פּנים האָט זיך... געלייגט אויף דעם זכּרון פֿון ייִדישן לייענער„, יג, תּוך I.

2. וואָס איז אַ יחיד במינו. א, אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. "דער שורש פֿון קונסט ליגט אין דער א'ער פּערזענלעכקייט פֿונעם קינסטלער„, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „דער א, גײַסטיקער אוצר אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט„, א״א, טמז, 30 4 19▯ III.

־יקייט — "זיך קאָנצענטרירן אויף דער א, פֿון ישׂראל וואָס איז פֿול מיט טיפֿע טראַגישע סתּירות", אפֿא, טמז, 12 1964 III.

איינציק־באַהעביק

איינציק־באַהעביק — אַדי. פּר. זן. איינציק וואָס מע האָט. די א'־ב'ע קאַפּאָטע. „דער טאַטע, אַז ער גייט צו דער א'־ב'ער שוועסטער, ברומט ער אויפֿן וועג אַ ניגונדל", י. פּערלע,

ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

איינציקוויַז — אַדוו. 1. אַליין, אָ▯ אַ
גרופּע. "די בּחורים גייען א,, ניט פּאָרוויַז, ניט
זאַלבּעדריט". ,,אַלע קהלס־לײַט..., אינאיינעם
ווי א, — אויף זיי זענען אַלע בּרכות
אויסגעסדרט", יפּ. ,,דאָנערשטיק... ווען מע זאָגט
איבּער דעם חומש און די גמרא א'", בּן־עמי,
די ערשטע נאַכט פֿון חנכּה, אַדעס 1893.

2. איינער נאָכן צווייטן. אַרײַנגיין א, אין
זאַל. "א, וועל איך זיי פֿאַרטרײַבּן פֿון פֿאַר
דיר", חחת. "מיר שטופּן איינער דעם אַנדעדן,
קוועטשן זיך אַרײַן א, אין דער שפּאַרונע",
ממוס, 'בּישיבֿה של מטה,. ,,אַ ייִדישע מוטער
האָט געלאָזן אומבּרענגען אַלע אירע זיבּן
קינדער א ▯אַר אירע אויגן", אַלכּסנדר האַרקאַווי,

▯ -

דיא יודישע רעוואָלוציאָן, נ"י 1892. "אַ בּיסל
ווײַטער שטייט אויך אויף איינער און נאָך
איינער און מע טראָגט זיך א, אַוועק צו די
קעסלען", ווײַס I▯, 'זעלנער'. "אינמיטן העלן טאָג
האָבּן זיך אין... ווילנער געטאָ בּאַוויזן אַ
צענדליק היטלעריסטן. זיי האָבּן זיך א, געלאָזט
אין די הויפֿן", ע. טאַרין, היטלערישער רויבּ

און מאָרד אין ליטע, מאָסקווע 1943.
3. ניט מיטאַמאָל; באַזונדער(ערהייט).
לאַחדים. אײַנקויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן די זעקלעך
תּבֿואה א'. גיין פֿון אַ שׂמחה א אַהיים. „דאָס

,

האָבֿ איך אויסגעקלערט... א', א, אויפֿן חשבֿון
אַרויסצוקומען“, מס, קהלת תּקע״ט, ז, 27.
„איילבערטן... טונקט ער אײַן א, אין זאַלץ
און עסט“, זרעים, צ/ב. “אין די טיפֿסטע
תּהומען, צווישן גאָט און שׂטן, ליגט איר, פֿערל
מײַנע, א, צעשאָטן“, אַר, 'מײַנע פּערל'. „די
ציין פֿון דעם קינד פֿאַלן ניט אַרויס אַלע
מיטאַמאָל נאָר א,“, חה, 133. קללה: „מע זאָל דיר
רײַסן די ציין א'„.
4. (צו) ביסלעכווײַז. בהדרגה. „איך בין
איינציג ווײַשׂ צו גדולה וכבֿוד איין שטאַפּיל צו
דער אַנדר גשטיגן„, ר, יום־טו□ ליפּמאַן העלער,
כּ״י, 'מגלת איבֿה'. „אויך צווינגט דער מענש
זײַן תּאוה פֿון דעם גוף איינציג ווײַשׂ“, לט 1,
קנג/ב. „דיא צײַט גיט איינציג ווײַשׂ אַוועק„,
ס□ר מעע)ה ה', אַמשט 1723, ד/ג. „... דאז
ער תּשובֿה, תּפֿילה, צדקה ארנ מעשׂים טובֿי,[ם]
היפֿש אינציג ווײַז טוט„, גה, 6. „דא דורך ווערן
איר גדערם פֿר שטאַרקט איינציג ווײַשׂ דז זיא

דר נאָך קענען ברוט עסין,,, יוסיפון, אַמשט 1743,
ריז. "די זון... גייט אויף א,", חא, לג/ב. ,,א,
האָבן זיך אומגעקערט צו אים כמעט אַלע זײַנע
חושים", שע אַלט־נײַ כתרילעווקע. ,,פּאַמעלעך,
א, האָט זיך דער ניגון אָנגעהויבן
פֿונאַנדערצוּוויקלען", אַש, תּהילים־ייִד.
איינציקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון איינציקן. יחוד. ,,די א, און פֿאָרכט
איז צו גאָט", יוצר ליו,,כ פֿפֿדמ 1885, קנד.

,

איינציקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,

121()

מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן איינציק פֿר
קני. ,,
פֿן זיך ישׂראל מיט אים אונ, קרינן [=קריינען]
אים מיט א'", מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713,
קיד/ב. ,,דען ער איז איינציג אונ, איז קיינר
אַזוא איינציג וויא גאטשׂ א, איז", עח, לג/ב.
,,איינציק און נישטאָ קיין א, ווי זײַן
אַליינזײַן", אַש, תּהילים־ייִד. "גליק און הייל דער
אומה וואָס דינט דער א,", פּרץ איבז, 'אַקדמות'.

״א, נעגירט יעדער אַנדערע איינס״, איק□ ר״ה תשכ״ו. ״דאָ איז ניט דאָס אָרט זיך
אָפּצושטעלן אויף אַלע א'ן פֿון ישׂראל„, אפֿא, טמז, □)12 19 III.
איינציקלעך — אַדי. אַרכ. 1. אויסטערליש. אויסערגעוויינטלעך. ״אין מצרים וואַרן זיא איינציגלך גפֿײניגט״, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, ריב/ב. 2. לויט דעם סיסטעם פֿון 1 ביז 9. ״רות במספר קטן האָט צוועלף אין דער צאהל. (דען אין מספּר קטן ווערטי אַלין עשירות אונד מאות פֿר איינציגליך גירעכנט)״, ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבז, תּורת משה, קאַרלסרוע 1770.
איינציקן — טרוו. ־יק, געאיינציקט. 1. מאַכן איינציק. אַרויסהייבן עס זאָל זײַן באַזונדער וויכטיק. אויסטיילן, אויסזונדערן. „דו האָסט געאיינציקט דעם טאָג יום־כּפּור אין גאַנצן יאָר״, מחזור קרבן אַהרן — יוה״כ, ווילנע תּרכ״א. ״זײַן שכינה ווערט ער מיט אונשׂ איינציגן אונ, אונשׂ ווערט ער מאַכן צו איינם פֿאָלק״, מחזור שלש רגליס, אַמשט 1713. 2. איבערגעבן צו איין־איינציקן ציל. א, אַלע געפֿילן און טואונגען פֿאַרן בורא־עולם. ״ער [יעקב] האָט געאיינציקט דאָס האַרץ צו גאָט״, מחזור שלש רגלים,

טשערנאָוויץ 1848. ,,איינציק מײַן האַרץ צו
פֿאָרכטן דײַן נאָמען‘‘, תּי, תהלים, פֿו, 11.
3. הייליקן. ,,ווערט דער נאָמען פֿון גאָט בּ‘‘ה
געהייליקט און געאײנציקט פֿון דעם מויל פֿון
די מלאָכים און פֿון ישׂראל‘‘, קה. ‘‘און מײַן
נשמה וועט דיך א,,,, ספֿר היראה, 1877.
4. אוטוו. זײַן איינציק. זײַן אַן איינס. ,,
הינטער די דיכטונגען איינציקט מײַן איינס‘‘, צײַט,
גל II.
איינציקערווײַז — אַדי. דזוו איינציקווײַז.
לר.
איינצירן — טרוו. ציר אײַן, ~געצירט. 1. אַ
-
בּיסל אויספֿוצן, בּאַצירן. א, די ווענט פֿון זאַל,
זיי זאָלן ניט וואַרפֿן קיין מרה־שחורה אויפֿן
עולם. 2. אויספֿוצן מיט צירונגען. א, די
טענצערין. מיט ז י ך. ־דנג.
איינצירעווען — טרוו ־רעווע אײַן, ~
געצי— .
רעוועט. אָנהייבּן פֿאַרריכטן מיט אַ נאָדל און
פֿאָדעם. א, צעריסענע זאָקן פֿיג. א אַ
צע. ,
ריסן פֿאַמיליע־לעבּן.
אײַנצירקלען — טרוו. ־קל אײַן, ~געצירקלט.

נעאָל. אַרומנעמען מיט אַ קרײַז (מיט דער
הילף פֿון אַ צירקל). "וויל מען בולט ווײַזן אויף
וואָס עס גייט אַוועק דער דאָלאַר פֿון אײַערע
שטײַערן, לאָמיר די דערמאָנטע דאַטעס א, אין
אַ טאַבעלע", רייד (נ"י) ־ונג.

.

איינצישען — ← אײַנטישען.

-

איינצלנע

איינצל — פּפֿ: ענצל, פּד. ← איינצלנע.: Mhd
ein el, a(l . געוויינלעך נאָר ווי דער ערשטער
טייל פֿון צונויפֿהעפֿטן. איינציקער. באַזונדערע
פּרט(־פֿאַל). א'־ייִד — ,,יעדער גוי וועט אײַז
זאָגן אַז די א,־ייִדן וועלכע ער קען זײַנען גאַנץ
וואוילע מענטשן", זשיט III , נ,,י 1919. א'־
מענטש — יעדער מענטש געהערט צו אַ גרופּע,
אָבער אין תּוך בלײַבט ער אַ יחיד, אַן א'־
מענטש. א'־פֿויער — סאָון. אַ פֿויער מיט אַ
פּריוואַטער ווירטשאַפֿט. א'־פֿאַל — דאָס
זײַנען נאָר א'־פֿאַלן, ניט קיין אַלגעמיינע טענדענץ.
א'־פּ אַ ר ק ו י ף — לאַחדים. א'־ק אַ מ ע ר —
אין תּפֿיסה, נאָר פֿאַר איין אַרעסטירטן. "איך

האָב איצט מורא פֿאַר אַן א'־ק'", ד. באָגען, די
ווערט נאָר — מע פֿאַרגעסט ניט, מאָסקווע 1933. א'־
שטודיע — „די א'־שטודיעס קען מען...
צעטיילן אויף צוויי מינים", מוו, דער וועג צו
אונד ער יוגנט
איינצלהייט — די, ־ן. פּרט. פּרט־פֿאַל.
פּרטשטריך. אָנגעבן א'ן. אַרײַנגיין אין א'ן.
איבערגעבן וואָס עס האָט געטראָפֿן מיט אַלע א'ן.
עס געדענקען זיך די קלענסטע א'ן. „מע וואָלט

אויסגעפֿאַנטאַזירט... וואונדערלעכע העראָאישע
א'ן", שנ, ה. לייוויק. „א'ן פֿאַרנעמען אַמאָל
צו פֿיל פּלאַץ און שאַטן דעם אַלגעמיינעם
אײַנדרוק", בעמ I. „בײַ אַזעלכע מאָמענטן
געדענקען זיך מאַנכע א'ן,,, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג,.
איינצלט — אַדי. פּטמ. איינציק, אַליין.
פֿאַראיינצלט. „איך בין געבליבן אַן א, מענטש
אויף דער וועלט", רייד (אַלטע פֿרוי פֿון
צויזמיר). „דער דין־וחשבון באַציט זיך... אויף
דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון יעדער א'ער
נשמה,,, בעמ II. „פֿון די א'ע ווערטער תּוהו
ותיקון קען מען גאָר האָבן אַ טעות אין דעם
עצם ענין", לדב, נ"י תּשי"ז.

איינצליג — אַדי. אַרכ. Mhd: e□in: □—li□b.
דזוו איינציק. "ער שפּרך איך זיך לאַפֿן איין
א'ן מאַן", בּ□א־בּוך, 367.
איינצלנע — אַדי. געוויינלעך בּמ. דטשמ.
1. דזוו איינציקע. אָפּגעזונדערטע. עטלעכע,
געציילטע. אַרויסרעדן בּלויז א, ווערטער. א,
פֿאַרוואָגלטע נשמות. „דער גאָט פֿון ייִדן איז
דער א'ר גאָט אויף דער וועלט„, אבּ.
פּשעמיאַהאָווער, די פֿערבּאָרגענע צדיקים, פּיעטריקאָוו
1911. "א, מענטשן (יחידים) אָדער קליינע
קאָמפּאַניעס זײַנען ניט זיכער צו רײַזן דורך
אַזעלכע ערטער„, אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ,
ווילנע 1868. „אויבּ דער קרופּ פֿאַלט אָן אויף
א, קינדער... קען מען האָפֿן אַז דער פֿאַל
איז ניט זייער שטרענג„, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש,
די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887. „זײַנע
שילערינס האָבּן אין די לאַצן פֿון זײַן רעקל
אַרײַנגעשטעקט א', נאָר שיינע בּלומען", ספּ,
סודור].
סובּ — דער איינצלנער — "אַ לויבּ פֿאַר
דעם א'ס".
2. אַדוו. אַרכ. דזוו איינציקווײַז. □לאחר זה
זענין דיא לײַט וועלכי מהמבּורג לאַלטנה מפּני

איינצלעך

הדבֿר גיצאָגין זײַן, ענטצלין איינער נאָך דעם
אַנדרין ווידר זײַן אין מקום גיצאָגין,,, גה, 107.
איינצלעך — אַדוו. פֿרגל איינצליג.
איינציקוויַז. ,,ואחר און, דער נאָך קאמן משה און,
אַהרן אבּר דיא עלצטן האטן זיך אַנטשלופֿט
פֿון אים איינצליך און איינצליך בּיז דשׂ זיא
וואַרן פֿון אים גינגן אַל", טח, שמות, ה, 1.
איינצע־ — קאָמבּינאַציע פֿון קאָנווערבֿ א ײַ ן
--
און ווערבֿאַלן פּרעפֿיקס צע־. טרעפֿט זיך זן,
נאָר אין דער ריידשפּראַך. דער קאָנווערבֿ א ײַ ן
גיט דאָ נאָר צו בּבֿ: 1. אָנהייבּן, ניט
פֿאַרענדיקן; 2. עמפֿאַטישער. מיר האָבּן אָט די
עפֿעמערישע ווערבּן ניט פֿאַרצייכנט.
דוגמאָות: אײַנצעאַקערן, אײַנצעבּייזערן,
אײַנצעגראָבּן, אײַנצעדריקן,
אײַנצעוואַרעמען, אײַנצעיאָגן,
אײַנצעלייגן, אײַנצעפּאַטשן,
אײַנצעקוועטשן, אײַנצעשטויסן אאַזוו.

איינצע'בערן — טרוו. ־ער איַן, ~געצעבערט.
--
אַרײַננעמען אין אַ צעבער. א, דאָס רעגנוואַסער.
איינצעלטלדיק — אַדי. נעאַל (ווילקאָמירער
יִדישע רעאַל־גימנאַזיע). וואָס האָט נאָר איין
צעלטל, איין קעמערל. א'ע באַקטעריעס.
איינצעלטן — טרוו. צעלט איַן, ~געצעלט.
-
נעאָל. אײַנאָרדענען אין געצעלטן. מאַכן אַ
צווייטאָגיקן אויס ￼לי און א, די חבֿרה אויף
בײַנאַכט.
איינצעליק — אַדי. נר. איינקעמערלדיק.
,,עס זײַנען פֿאַראַן אָרגאַניזמען וועלכע
באַשטייען נאָר פֿון איין צעל. אַזוינע א'ע
אָרגאַניזמען וואוינען אָפֿט אין קאָלאָניען‘‘, א. ש.
זאַקס, דאָס לעבן פֿון פֿלאַנצן. ,,האָדעווען זיך
אומצייליקע באַקטעריען אין א'ע בעלי־חיים
אויפֿן בוים אַליין,,, ש. בלוס, דער בויס פֿון
לע3ן, נ‘‘י 1931.
איינצעמען — [לאַנגע ע אין שטאַם] טרוו.
--
צעם איַן, ~געצעמט. פּך. דזוו אײַנצאַמען
￼.. ‘‘ניט קענען א, מײַן שטרעבן,,, אַל‘‘ק, די
גליקליכע פֿאַמיליע, וואַרשע 1881.

איינצענטלען — טרוו ־טל איַין, ~
גענצען— .
טלט. 1. איַינטיילן אין צען חלקים. 2.
איַינשטעלן צו צען אין אַ גרופּע. א, די מיטגלידער
פֿון ספּאָרט־קלוב און אויסקלײַבן פֿאַר יעדער
גרופּע אַן אָנפֿירער. 3. אַריבערפֿירן אין דער
סיסטעם פֿון דעצימאַלע ברוכצאָלן.
איינצער — דער, ־ן. דאָס וואָס מע צערט
-
איַין. אַקט פֿון איַינצערן פֿאַרברויך פֿאַרנוץ.
, .
איינצערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
--
רעזולטאַט פֿון איַינצערן. אַ כסדרדיקע א'. טוו
פֿאַר 'פּ ותת, (ויקרא, יג, 55), אַזוי אויך אין
אורח, 34 [תּי: ,,אויסעסונג,,].
איינצערטלען — טרוו ־טל איַין, ~
געצער— .
טלט. אָנהייבן אָדער אַ צײַט צערטלען.
באַרואיקן, איַינשטילן מיט צערטלען. א, אַ קינד.
איַינצערן — צער איַין, ~געצערט. אוטוו —
-
ווערן דאַר, מאָגער, שוואַך. איבערקומען אַ
קראַנקייט און א.. ,,אים איז ניט גוט געגאַנגען

און פֿלעגט א, פֿון טאָג צו טאָג“, ר, יעקבֿ
מדובנא, משלי חכמה, ווילנע תּר„ן.
טרוו — 1 פֿאַרבּרויכן פֿאַרניצן פֿאַרצערן.
.   ,   .
„אַ ביסל האָט ער אײַנגעצערט, אַ ביסל האָט
[מען] צעשלעפּט„, אָפּאַ, 'דער בעל־תּשובֿה'.
„... דאש אַנדערע שליש אין סחורה, דרפֿשׂטו
פֿאַר איין צערן האָבּן קיין מורא„, עיון, נ/ב.
2 פֿאַרניצן פֿונעם גרייטן פֿון פֿריִער
אָפּגע.   ,
שפּאָרטן, און ניט פֿאַרדינען. ער צערט אײַן, און
וועט באַלד אויפֿעסן די הויט פֿון זיך. „זינט
נאָך דעם מאַנס קרענק האָבּן זיי אײַנגעצערט
אַלץ וואָס זיי האָבּן פֿאַרמאָגט“, רייד (מג).
עניש. ־ער.
אײַנצערן — [... צאַ(אַ)רן] טרוו. צער אײַן,
.
~געצערט. אַרײַנבּרענגען עמעצן אין צער.
צעקריגן זיך מיט עמעצן און אים א,.
איינצערעווען — ← אײַנצירעווען.
--

איינצער(ע)נען — דזוו אײַנצאָרענען.
-
איינקאַבּירין — (שנײַדערײַ) ←
אײַנקאַמ־.
בּרירן.
איינקאַדויטשען — טרוו ־טשע אײַן, ״י.,,
גע—
.
קאַדויטשעט. סל. אײַנשאָקלען. אײַנטרייסלען.
,,קאַדויטשע ניט אײַן דאָס קינד, וויג עס נאָר
אײַן,,.
איינקאָדערן — טרוו ־ער אײַן, ~געקאָדערט.
—
.
לר, זאַמעט. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי אַ
שמאַטע. זיך אַוועקזעצן אויפֿן נאַסן גראָז און
א, דאָס קלייד. אויך מיט ז י ך.
אײַנקאָווען — טרוו. ־ווע אײַן, ~געקאָוועט.
1. אײַנשמידן. אַרויפֿקלאַפּן פּאָדקעוועס. א, די
פֿערד. א, פּויערשע שטיוול. 2. צונויפֿשמידן
איין שטיק אײַזן מיט אַ צווייטן. א, דאָס
אָפּגעבּראָכענע שטיקל האַק. 3. אַרומשלאָגן מיט
אײַזערנע רייפֿן, פּרענטעס אײַזן, בּכלל
אײַנמאָצעווען, מאַכן שטאַרק און זיכער. א, אַ
קאַסטן, וואָגן. א, די פֿענצטער, די טירן. ,,... ווי
אַ קאָוואַל וואָלט דאָרט מיט אַ האַמער

אײַנגעקאָוועט,,, אַש, תּהילים־ייִד.
4. אַרויפֿטאָן קייטן. א, די אַרעסטאַנטן. א, די הענט, די פֿיס. 5. מאַכן עס זאָל ניט קענען זיך רירן. ,,... א'דיק אים, ווי עס קאָוועט אײַן אַן אומגעריכטער שטאַרקער פֿראָסט די טײַכן", ה. קאַמענעצקי איבֿז, פּ. פּאַנפֿיאָראָוו, מיט פֿעסטן טראָט, מינסק 1936. 6. אײַנהאַמערן. אַרײַנקלאַפּן. פֿעסט אַרײַנזעצן. א, יענעם אין קאָפּ אַרײַן, ער זאָל אין שלאָף אַפֿילו ניט פֿאַרגעסן. מיט ז י ך.
אײַנקאַזערנירן — דזוו אײַנקוואַרטירן, בּ1.
איינקאַטאַלאָגירן — טרוו. ־גיר אײַן, ~ קאַ .
טאַלאָגירט. אַרײַנשרײַבן אין קאַטאַלאָג. אַרײַנשטעלן אין קאַטאַלאָג. א, די אַלע קאַרטלעך. א, נײַע בּיכער.
איינקאַטעוועז — טרוו ־טעווע אײַן, ~ געַ—
קאַטעוועט. 1. אײַנשמײַסן. פֿאַרשמײַסן, פֿאַרפֿײַניקן. הרגענען, ממיתן. א, מיט ריטער. א, מיט אַ בּײַטש. א, דעם הינטן בּיז בּלוט. א, די אַרעסטירטע צו 25 שמיץ. א אַז קיין גאַנצער אבֿר זאָל ניט בּלײַבן. 2. מאַכן עס זאָל

אײַנקאָכן

-

אַרײַנדרינגען דורך קאַטעווען. א, מורא. א, געהאָרכיקייט.

איינקאַטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~

געקאַטשעט. אויך: ~קאַטשײַען. סל. 1.

אײַנוואַלגערן. אײַנקײַקלען. א, אין היי, אין ▯ טרוי, אין זאַמד אאַזוו. א, עמעצן, עפּעס אין בלאָטע.

אויך ▯יג. א, עמעצנס נאָמען אין בלאָטע, אין בלבולים אע.

2. אײַנוועלגערן; מאַכן דין און אויסגעשפּרייט מיט אַ קאַטשלקע, וואַלגערהאָלץ. א, לאָקשנבלעטער. א, אַ מיירע מצות. 3. וואַרפֿן הין און צוריק (בײַ אַן אַרבעט־פּראָצעס). ״מע קאַטשעט אײַן יעדעס טייגל אין דער מולטער מיט דער האַנט,,, ב. שאַפּראַן, ייִדישע קוך, וואַרשע 1930. 4. אײַנוויקלען; אײַנקרויזן. א, די האָר אין גלעקעלעך. 5. אײַנוויגן. א, אויף דער הוידלקע. 6. אײַנדריקן. א, היי, שטרוי. מיט ז י ך. ־עניש.

אײַנקאָטשקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אײַן,

זיך ~געקאָטשקעט. פּפֿ ~קוטשקען זיך.
1. זיך אַוועקזעצן נידעריק מיט
פֿאָרויסגעשטופּטע קני. א, זיך כּדי זיך צו שפּילן מיטן קינד.
2. זיך צונויפֿדרייען מיט די פֿיס אונטער זיך.
א, זיך אויף דער סאָפֿע. א, זיך אין אַ ווינקל
און איַינדרעמלען.
איינקאָך — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזול
-

.
טאַט פֿון אײַנקאָכן. געדיכטער (שיטערער) א'.
2. פּד. געדושעכץ. פֿלייש, אײַנגעקאָכט אין אַ
צוגעדעקטן טאָפּ מיט אַ ביסל וואַסער. ,,... אַ
שטיקל פֿלייש, אַ ביסל קאַרטאָפֿל און גרינסן
צוצוריכטן דעם א',, ב. דעמבלין, וועסט־סײַד.
3. יעדער געדיכטער מין שפּײַז וואָס ווערט
צוגעגרייט באַזונדער און געגעסן צוזאַמען מיט
קלאָרער זופּ. הינעריויך מיט אַן א, פֿון רײַז.
,,מײַן מאַן טאָר ניט עסן קיין רויע גרינסן,
קריגט ער אַן א, פֿון עטלעכע גרינסן צו זײַנע
זופּ,, רייד (וויטעבסק). 4. דאָס וואָס מע
קאָכט אײַן (צוזאַמען) מיט זופּ: ציבעלע,

פּעטרישקע אע.

אײַנקאָכן — טרוו. קאָך אײַן, ~געקאָכט.

1. קאָכן עפּעס מיט ווייניק וואַסער אַ לענגערע צײַט אויף אַ קליין פֿײַער. א, פֿלייש. „זי נעמט בײַ אים כמעט אַ צוויי־דרײַ מאָל אויף דער וואָך אויף צו האַלבע פֿונטן לעבער, וואָס זי זאָגט אים צו אײַנצוקאָכן אין אַ באַזונדער טעפּעלע,,, ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג'.

2. קאָכן אַ לענגערע צײַט אין וואַסער כּדי די הויפּט־שפּײַז (פֿלייש פֿיש) זאָל

דורבגענו

- ▯

,

מען ווערן פֿון גרינסן, פֿאַרבראָקעכץ אע. א, פֿלייש און מערן. „אויף צו מאַרינירן פֿיש, קאָך איך אײַן העכט אין לאָרבערבלעטער און געווירצן“. *א, די געבליטן = אַרײַנברענגען אין גרויס כּעס.

3. קאָכן אין יעדער אַנדער מין פּאַסיקער פֿליסיקייט כּדי דאָס געקאָכטע זאָל דורכגענומען ווערן מיט אָט דער פֿליסיקייט. א, פֿלייש אין ווײַן. א, אין אייל. *א, אין זיס(ן) און אין זויער(ן) = אויך: גרינג אָפּנאַרן.

4. אויך אוטוו. קאָכן אַזוי לאַנג ביז אַ טייל

איינקאָלייאיק

פֿליסיקייט ווערט אויסגעפּאַרעט. א, אַ דריטל
פֿון טאָפּ. אַ דריטל וואַסער קאָכט אײַן. „נאָך
חלבֿ לאָז מען צושיטן... ער האָט אײַנגעקאָכט
ביז אין מיטן", עט, לידער. „זאָל עס קאָכן אין
איין קוואָרט ווײַן, דאָס פֿערדע חלק זאָל א'",
ספֿר רפֿואות, אָרט? יאָר? 5. דורכקאָכן,
צעקאָכן. "וועןמען עסט ווייניק, האָט דער מאָגן
כּוח עס אײַנצונעמען און די נאַטירלעכע היץ
קען עסא,", נועם מוסר, ווילנע 1864. 6.
גראָבלעך. מאַכן אַז עמעצער זאָל זיך פֿאַרליבן. "ער
איז אַ שעמעוודיקער בחור, מיט מיידלעך ניט
אַרומגעגאַנגען. קען מען אים א, אין איר".
מיט ז י ך — אַ דריטל פֿון טאָפּ קאָכט
זיך אײַן פֿטמ. פֿאַרליבן זיך [באַווירקט פֿון

. .

די פּאַניענקע„ .[:koCha , :] O a ד
האָט זיך אין אים אײַנגעקאָכט", שע,
טטעמפּעניו. "וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ
בעל־הבית אַ טאָכטער זאָל זיך א, אין אַ שנײַ—
דערוק?", מ. אחון, אנאַ גריגאָריעונאַ..., ווילנע

תּרנ"ו.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער — כּלי אויף אײַנצוקאָכן.

איינקאָלייאיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין פּאָר רעלסן, גייט הין און צוריק אויף דער זעלבּיקער ליניע. אַן א'ע באַן. „די ליניע איז אויף דער גאַנצער לענג אַן א'ע„, פּ. ליסאָווסקי, דער איטאַליעניש־אַבּיסינישער קאָנפֿליקט, מאָסקווע 1935.

איינקאָליריק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין קאָליר. א'ע ווענט. א'ע אילוסטראַציעס. "אָקסן א'ע אַ ריזיקער טאַבּון", אַ ּ רהם זאַק, 'הינטער שטעט צעוואָרפֿענע, ־יקייט.

.

אײַנקאָלירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע) קאָלירט. אײַנפֿאַרבּן. אײַנמאָלן מיט קאָלירן. אַ בּיסל א, די פֿעדער־צייכענונגען. א, בּלימעלעך אויף די ווײַסע ווענט. —ונג. —עכץ.

אײַנקאַלכן — טרוו. קאַלך אײַן, ~געקאַלכט. אײַנשמירן מיט קאַלך. בּאַדעקן מיט קאַלך. א, די ווענט. א, די קליידער בּײַם קאַלכן.

אײַנקאָלעקטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)־קאָלעקטירט. ~קאָלעקטן, אַמ.

אײַנקאַסירן, אײַנמאָנען אַ חובֿ. צונויפֿקלײַבן מי־שנדרס

אע. א, די בײַשטײַערונגען. „וואָס אָנבאַלאַנגט
דעם גבֿיר האָט ער זיך ניט געטאָרט דערלויבן
אײַנצוקאָלעקטירן כּבֿוד אין פֿאָרויס“, טמז,
14 XI 1961.   מיט ז י ך — “די צוזאָגן
קאָלעקטירן זיך אײַן גאַנץ גוט“. ־ונג.
אײַנקאָלערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געקאָלערט.
זן ~קוילערן.   אײַנקײַקלען. אײַנקאַטשען.
א, אין שטרוי, היי אע אויך מיט ז י ך.
אײַנקאַלקולירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע)־
קאַלקולירט.   אַרײַננעמען אין חשבון. א, אין
פּרײַז פֿון סחורה לאַגערגעלט און באַנקצינזן.
־ונג.
אײַנקאָמבינירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~(גע)־
קאָמבינירט.   אַרײַננעמען אין דער
קאָמבינאַציע. „אַז מע שפּילט [שאָך] אַפּילו מיט אַ

פֿושער, דאַרף מען אויך א אַ ריכטיקן ענטפֿער„..

,

־ן□ □.
אײַנקאַמברירן — טרוו. ־ריר אײַן, ~(גע)־
קאַמברירט. □ □ ic□ eamb:□ .   (שנײַדערײַ)
אײַנדרייען אין פֿאַלבן און פֿון דער

אינעווייניקסטער זײַט דורכנייען מיט פֿעסטע פֿעדעם.
א, די בלוזקע איבערן גאַרטעלע.
איינקאַמען — טרוו. קאַם אײַן, ~געקאַמט.
-

פּ: י־,קעמען. מיט דער הילף פֿון אַ קאַם
רייניקן אָדער ברענגען אין אָרדענונג. א, פֿלאַקס.
פֿאַרן אַרויסגיין א, די צעפֿאַטלטע האָר. א, די
לאַנגע האָר אין אַ קאָקס.

מיט ז י ך. ־ונג. —עכ ן. ־עניש.
איינקאָמ — דאָס. אויך. ־עניש. דטשמ.
ען
—
.
נר. הכנסה. „שטײַער־פּראָצענט אויף א'
ענישן"... "פּראָגרעסיווער א,־שטײַער", בונד, וואָס
ווילן די סאָציאַלדעמאָקראַטען אין רוסלאַנד,
זשענעוו 1900.
איינקאָמענטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~
קאָ־־
מענטירט. אײַנטײַטשן (ווען אַ קאָמענטאַטאָר
אין דער פּרעסע, אריפֿן ראַדיאָ אע). א, דעם
קאַנדידאַטס רייד אויף אַ בײזווילן אופֿן ־ונג.

איינקאָמפּלעטירן — טרוו ־טיר אײַן,

—
.
~קאָמפּלעטירט. אַרײַננעמען אין אַ
קאָלעקציע. מאַכן עס זאָל זײַן קאָמפּלעט, אַ פֿולע
זאַמלונג. א אַ יאָרגאַנג פֿון אַ וואָכנבלאַט. א,
,
דעם זשורנאַל פֿאַרן גאַנצן יאָרצענדליק. א, די
מאַנשאַפֿט ־ונג.
.
איינקאַנטן — טרוו. קאַנט אײַן, ~געקאַנט.
--
מאַכן אַ קאַנט. אַרומנייען מיט אַ קאַנט א אַן
,
אייבערהעמד. ־ונג.
איינקאָנטראָלירן
— טרוו ־ליר אײַן, ~(גע)־
—
.
קאָנטראָלירט. אײַנהיטן אָדער אויסגעפֿינען
בײַם קאָנטראָלירן. „אַזאַ קונציקע גניבֿה אַז
מע האָט עס ניט געקענט א'“. ־ונג.
אײַנקאָנטראַקטירן — טרוו. ־טיר אײַן,
~(גע)קאָנטראַקטירט. אַרײַננעמען אין
קאַנטראַקט. א, אויך די סומע פֿון שטראָפֿגעלט
פֿאַרן עובֿר זײַן אויף די פּונקטן ־ונג.
-
....

איינקאָנטשען — טרוו ־טשע אײַן, ~ געקאָנ־
.
טשעט פֿאַרענדיקן. אויסענדיקן. א אַן
אַר. ,
בעט ערשט שפּעט אין דער נאַכט. געבן קלעפּ
ביז מע קאָנטשעט אײַן דעם כוליגאַן. א, [=
אויפֿעסן] איינער אַליין אַ געבראָטן הינדל. „ווידער
גענומען אַ קאַפּעטשקע, און אַזוי אַ
קאַפּעטשקע נאָך אַ קאַפּעטשקע אײַנגעקאָנטשעט דעם
ליטער [בראַנפֿן]“, לייזער קאַצאָוויטש,
הומאָרעסקעס, מינסק 1933. מיט ז י ך — אויך:
אַוועקפֿאַלן ־עניש.
.
אײַנקאָנסערווירן — טרוו. ־וויר אײַן,
~(גע)קאָנסערווירט. אײַנפּרעזערווירן. אַ
לענגערע צײַט אויפֿהיטן שפּײַז (דורך ספּעציעלע
אופֿנים) זי זאָל ניט קאַליע ווערן. א, פֿליישן און
פֿישן פֿאַר דער ווײַטער נסיעה. מיט ז י ך —
זיך ניט עלטערן, אויפֿהיטן אויסזען, כּוחות
ניט ווי עס איז לויטן עלטער. ־ונג.
אײַנקאַסירן — טרוו. ־סיר אײַן, ~(גע)
קאַ ־
סירט. 1. אײַנמאָנען, אַרײַנבאַקומען באַר

אײַנקאַספּערן

געלט (אין קאַסע) פֿאַר סחורה, אַ חובֿ, אַ
װעקסל, התחייבֿות. א, די צוגעזאָגטע נדבֿות. א,
פֿאַר די עליות. א, מיטגליד אָפּצאָל. אָנװערן אַ
-

-

העלפֿט בײַם א, אַ װעקסל פֿון אַ באַנקראָטירטן
סוחר. ,,... מחובֿות שלי אײַן קאַסירן קענין,,,
אגרת שלמה, טז/ב. ,,כּדי חלק השליש כנ,,ל
אײַן צו קאַסירן“, 'פּנקס הקהל דק“ק רונקל,,
תּצ“ג [ייִבֿל I]. ,,ער װעט קאָנען א, די חובֿות,
װאָס קומען אים“, נס, משפּחה מאַשבער II.
2. אַרײַנקריגן געלט אין דער קאַסע פֿון אַ
רעגירונג, אַ מאַכט, אַ (געזעלשאַפֿטלעכער)
אָרגאַניזאַציע. א, קנס. א, צוגאָב־שטײַערן. א, דעם
מס. “עסטרײַך און פּרײַסן האָבן אין יוטלאַנד
אויפֿגעלייגט אַ שרעקלעכע קאָנטריבוציע און
האָבן זי שוין אײַנקאַסירט“, קמ, 18 1864, No.
,,דער קייזער װעט גרויס היזק האָבן, ער װעט

דאָ זײַנע שטײַער נישט קענען א,‘‘, שארית, לעמבערג (?) ,,ער פֿלעגט אײַנצוקאַסירן פּאָדאַטקעס נאָך מער אַלס מען באַדאַרף‘‘, אמד, שעפֿקע דער יאַנציצער אָרעם בחור, ווילנע 1872.

3. אַרײַנקריגן באַר געלט פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון פֿאַרמעגן פֿאַרקויפֿן די נחלה און

.

א, ביזן לעצטן גראָשן. ,,ער האָט אײַנגעקאַסירט זײַן קאַפּיטאַל... און איז אַנטלאָפֿן פֿון ווין אין לאָנדאָן‘‘, ש. בעקערמאַנן, דער מאָרגען שטערן, אַדעס 1884. ‘‘הײַנטיקע וואָך וועל איך א, מײַן וואַרע און אַהיימפֿאָרן‘‘, ב. זילבערמאַן, אַה ת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885.

4. אַרײַנבאַקומען עפּעס וואָס איז ווערט געלט, איז שווה־כּסף (און וואָס ווערט אויפֿגע נומען ווי דאָס וואָלט געווען אַ חוֹב). א, קאָמפּלימענטן פֿון די פֿאַרערערס. א, כּבוֹד, כּיבּודים. ,,קאַסירט אײַן אַפּלאָדיסמענטן‘‘, גרינ, טאָגבוך. ...

אויך מיט ז י ך — אָן באַזונדערע באַמיאונגען. ‘‘די בײַשטײַערונגען האָבן זיך אײַנקאַסירט‘‘, רייד (נ‘‘י). ־ונג — ,,דיא... אײַן קאַסירונג... ביזאָרגין‘‘, אגרת שלמה, ח/ב.

־עניש. ־ער (־ין, ־קע) — ווער עס

פֿאַרנעמט זיך מיט אײַנקאַסירן. „געהאַלט [דעם]
לערער, דעם א', סטאָראָזש און קעכין„, קמ,
‎.No '18 9 20
אײַנקאַסע — די, ־ס. (סרחריש) אינקאַסע.
אײַנקאַסירונג דורך אַ באַנק אָדער אַן
אינסטיטוציע בכלל. "ער פֿלעגט אַלע וועקסלען אָדער
דיסקאָנטירן אָדער אַוועקשיקן אין די בענק צום
א'„ מ. אחון, די צוויי שוועגער, ווילנע תר"ס.
אײַנקאַסענירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~
געקאַסענירט. פּפֿ: ~קאַשענירן. אַרײַנקריגן
געלט אָדער סחורה דורך אַ דרוק, אויסניצנדיק
אַ שווערע לאַגע. א, געלט. א, סחורה פֿאַר
העלפּט געלט, ווײַל דער סוחר האָט געהאַט
גרויסע צאָלונגען. ־ונג. —ער.
אײַנקאַספּערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געקאַספּערט. פּפֿ: „קאַשפּערן. אַרײַנקריגן געלט
דררך אַ שווינדל. „ווער ווייס וויפֿל דער
שאַנטאַזשיסט האָט אײַנגעקאַשפּערט ון א ם", רייד
(מג). ־ונג.

אײַנקאָסקען

איינקאָסקען — טרוו. ־קע אײַן, ~געקאָסקעט.

-

אויך: ~קאָקאָסקען. פּפֿ: י,,קאָשקען.
אײַננעמען, אײַנשטילן, באַרואיקן מיט גוטן,
מיט גוטע רייד, מיט גלעטן אע. א, דאָס קינד
וואָס האָט זיך צעוויינט. א אַ פֿערד מיט אַ

,

שטיקל צוקער. א, אַ הונט, אים גלעטן איבערן
האַלדז. ,,און דערבײַ ווי מאַכט ער נישט אַמאָל
אַ שׂמחהלע, אַ ברייטן ברית, אַ ברייטע חתונה,
אַ פּדיון־הבן, און קאָסקעט דערמיט אַזוי אײַן
דעם עולם,,, רי״ל, די הפֿקר וועלט, וואַרשע
תּרס,,ב. מיט ז י ך — זיך אײַנטוליען. ־עניש.
איינקאָפּטשען — טרוו ־טשע אײַן, ~
גע—
.
קאָפּטשעט. 1. אײַנרויכערן. אײַנסאַזשען. א,
די גלאָז פֿון לעמפּל. א, דעם סופֿיט מיט די
הויכע ליכט. 2. אײַננייען, אײַנשטריקן
אַנדערע טריט. א, די צעריסענע זאָקן. ־עניש.
איינקאַפּען — טרוו ־פּע אײַן, ~געקאַפּעט.
—
.

1. אײַנטריפֿן. א, אַ פּאָר טראָפּנס עסיק. א, טראָפּנס אין די אויגן. א, סם אין אַ בײזן אַרטיקל. 2. פֿאַרגיסן טראָפּנווײַז. א, דעם טישטעך מיט ווײַן.

אײַנקאָפּען — טרוו ־פּע אײַן, ~געקאָפּעט.

—
.

פּפֿ: ~קאָפּיען. 1. סל. אײַנגראָבן. א, קאַרטאָפֿליעס. 2. אײַנדריקן מיט די פֿיס. אײַנבריקען. א, די לויזע ערד. ־עניש.

אײינקאַפּריזעווען — טרוו ־זעווע אײַן,

—
.

~(גע)קאַפּריזעוועט. מאַכן קאַפּריז. זיך רײצן מיטן קינד און עס א'.

אײַנקאַקן — טרוו. וואול. אײַנשמוצן מיט צואה. א, דעם לײַלעך. געווײנלעך מיט ז י ך — זיך מיאוס באַנאַרישן.

אײינקאַרבן — טרוו. קאַרב אײַן, ~געקאַרבט.

--

אויך: ~קאַרבירן. 1. אײַנקריצן, אײַנשנײַדן און דערבײַ מאַכן אַ סימן. א, דעם נאָמען אין אַ בוים. א, אַ כּלי. א, אַ מילכיקן לעפֿל. 2. אײַנטיפֿן. אויסגראָבן. א, רינעווקעס צווישן פֿעלד און פֿעלד. א, די ערד. 3. אײַנ▯ראַווירן. א, די איניצ אַלן. 4. אויף שטענדיק

פֿאַרפֿעסי

טיקן. א, אין זכּרון די טײַערע ווערטער. ,,און נאָך אַזוינע גוטע און קלוגע זאַכן האָב איך מיר געטראַכט און אײַנגעקאַרבּט,,, פּרץ, ' וועבּער־ליבּע'. 5. אַרײַנדרינגען ווי מיט עפּעס שאַרפֿס. ,,... קאַרבּט אײַן זײַנע אויגן אין [איר] טונקעלן פּנים'', א קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932. ''דער אַקאָרדיאָן זײַנער, וואָס קאַרבּט אים כּלומרשט אײַן מיטן רימען דעם האַלדז...'', י. שרײַבּמאַן, סאָוו, הײמלאַנד, 9 1967, No.

מיט ז י ך — ,,דעם חלף איז קאַלט, דעם חלף איז אומעטיק, אומצאָליקע פֿגימות האָבּן ווי צײַן זיך אײַנגעקאַרבּט אין זײַן דערפֿרוירענעם בלוי,,, הל, 'לידער פֿון אומקום'.

איינקאַרגן — טרוו. קאַרג אײַן, ־.ְ,געקאַרגט.

--

1 פֿאַרניצן פֿאַר לעבּנס־מיטל ווייניקער ווי מע

.

וואָלט אייגנטלעך בּאַדאַרפֿט. אײַנשפּאָרן פֿונעם נייטיקסטן א, הוצאָות, לעבּן מיט חשבּון. ,,איך האָבּ אײַנגעקאַרגט מײַן נשמה בּיז איך האָבּ געמאַכט אַ פֿאַרמעגן פֿון אַ מאה אלף קערבּלעך'', א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע

1898. „מיר האָבן געלעבט זייער קאַרג. איך
פֿלעג זען אײַנשפּאָרן, א, ווי ווײַט נאָר מע
קאָן“, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע.
2. אײַנהאַלטן, צוריקהאַלטן. ניט געבן. „דאָס
גוטע קען מען ניט אויסברענגען און דאָס
שלעכטע ניט א',„ שוו. „א, אַ וואָרט און
פֿאַרלירן אַ קוואָרט“, שוו. „די פֿרעמדקייט... האָט
אײַנגעקאַרגט אירע רייד,„ מ. י. ש□וליובסקי,
אין דער וועלט אַרײַן אויך: א, אַ שמייכל.
אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אײַנקאָרטשען — טרוו. ־טשע אײַן, □י,,

געקאָרטשעט. 1. אײַנקנוילן. אײַנדרייען. מאַכן
עס זאָל פֿאַרנעמען ווייניקער אָרט, זײַן
קירצער. „נאַ דיר אַ בינטל היי... קאָרטשע אײַן
די פֿיס אַז דער אָקס זאָל דיר קיין דריק ניט
געבן“, אַש, אַ הייס, מינסק, יאָר? 2.
אײַנשרומפּן; אײַנקנייטשן, אײַנקרימען. א, אַ זויערע
מינע. א, די צורה, דאָס פּנימל. 3.
צונויפֿדריקן, צונויפֿפּרעסן. „ווייס איך ניט ווי דײַן
האַרץ ווערט אײַנגעקאָרטשעט פֿון צער,„ אַש,

מש .

געווײנלעך מיט ז י ך — א, זיך פֿון ווײטיק, פֿון צער. די קישקעס קאָרטשען זיך אײַן פֿון הונגער. די הויט קאָרטשעט זיך אײַן פֿון אַלטקייט. "איך זעץ מיך אויף אַ שוועל און קאָרטשע זיך אײַן" פּל [בײַ אונז יודען]. „זיך

,

שטרעקן נאָך די עקן (דאָס הייסט מען מוז זיך אײַן קאָרצען וועדליק די קאָלדרע)„, אמד, דיא דינסט מיידעל ווילנע 1868. „קוים אָבער קומט די נאַכט, מאַכט [די בלום] זיך צו, קאָרטשעט זיך אײַן", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „די גלידער דרייען זיך צונויף און קאָרטשען זיך אײַן„, ווײַס, 'מזל־טובֿ'. „דער שניי... האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, געוואָרן געלבלעך־געלעכערט", חג, 'די שבֿועה, ־עניש.

.

אײַנקאָרסעווען — טרוו. ־סעווע אײַן, ~ געקאָרסעוועט. אַרײַננעמען אין אַ קאָרסעט. א, דעם פּעטן בויך. מיט ז י ך — זיך א אַזוי, ,

עס זאָל זײַן שווער צו אָטעמען.

-

אײנקאָר(ע)ניי'ען — טרוו ־נײַע א ין, ~

גע—
.
קאָר(ע)נייעט. פּפֿ: ~קאָר(ע)ניען. 1.
אײַנ.
וואָרצלען. א, עמעצן אויף נײַער ערד, אין אַ
נײַ לאַנד. אויך: א, אין זכּרון. 2. אײַננאַדען.
אײַנפֿירן. א, בעסערע מידות. א אַ שטרענגערע
,
דיסציפּלין.
אָפּטער מיט ז י ך — א, זיך אין דער סבֿיבֿה,
דעם לאַנד אע „א, זיך אין דער קאָמפּאַניע„,
[ח מאַלאַגא], „גדולת ר, וואָלף..., [יפּ].
איינקאָרקעווען — טרוו. ־קעווע אײַן, ~
גע־.
קאָרקעוועט. 1. אײַנפּראָפּקעווען. פֿאַרשטעקן
מיט אַ קאָריק. א, די פֿלעשער. 2. אײַנשטאָפּן.
„וו אַ בייזער כּישוף וואָלט די העלדזער
אײַני
געקאָרקעוועט„, מבֿאָ, דער גייער.
איינקאַשענירן — ← אײַנקאַסענירן.
--
איינקאַשערן — טרוו. ־ער אײַן, .־,
געקאַ .

שערט. אַרויפֿקאַשערן. אַרויפֿוויקלען (וועגן אַרבל, הויזן אע). א, די הויזן, ניט אײַנוואַדזגען זיי אין דער שליאָטע. *א, די אַרבל = זיך נעמען מיט חשק צו אַן אַרבעט. „איז דער געלער

אײַנקוואַרטירן

פֿלינק אין מלבוש אַרײַן. . דאָס געלע בענדל אײַנגעקאַשערט און די שפּיציקע ברעגן פֿאַררוקט אינעווייניק", צ. דאָלגאָפּאָלסקי, באַ געעפֿנטע טויערן, מינסק 1928.

איינקאַשפּערן — ← אײַנקאַספּערן.

-

אײַנקאָשקען— ← אײַנקאָסקען. „האָט זי אים קוים מיט צרות אײַנגעקאָשקעט, אײַנגערעדט", הר פֿאַרנאַכט.

,

אײַנקהלן זיך — [... קאָ'האָלן] אוטוו. קהל זיך אײַן, זיך ~געקהלט. זיך אַרײַנדרייען צווישן קהל, צווישן די חשובֿע לײַט ויאָס פֿירן די קהילה, וואָס האָבן אַ דעה בײַם קהל. „נײַע

ציַיטן און אַפּילו בעלי־מלאָכות האָבּן זיך
אײַנגעקהלט“, רייד (קאָוונע).
אײַנקודלען — טרוו. ־דל איַין, ~געקודלט.
אײַנדרייען אין קודלעס. א, די האָר מיט אַ
הייסן אײַזן.
אײַנקוואַטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~
געקוואַטירט טמ אַנשטאָט אײַנקוואַרטירן. „האָט
.
מען בײַ דער גרעפין... אַ גאַנצן שקאדראָן
הוזאַרן אײַנקוואַטירט“, איין שיינה מעה פון
איין גרעפין אין פוילין, טשערנאָוויץ תּרכ“ג.
„דער וואָס איז אין שטאַנד די חשובֿע מצווה
[הכנסת־אורחים] מקיים צו זיַין, דהיַינו ער
האָט אַ חדר בּאַזונדער דאָס ער זאָל קענען די
אורחים דאָרט א'“, ר, יצחק האַמבּורגער איבּז,
פלא יועץ, ווילנע 1898.
מיט ז י ך — „די אומגעבּעטענע געסט
קוואַטירן זיך איַין זעלבּסט“, אמד, דער
נטלאָפענער רעקרוט, ווילנע 1872. „ר, פראָסט האָט
זיך אין דירות אײַנקוואַטירט. דאָס ערשטע קומט
ער אַריַין וואו אָרעמעליַיט וואוינען,„ שלמה
פראַג, איינע ניַיע געשיכטע פון פראָסט,
.

וואַרשע תּר,,ל ־ונג.

.

אײַנקוואַטשען — טרוו & אוטוו. ־טשע אײַן, ~געקוואַטשעט. אויך: ~קוואַטשן. 1. אײַנקנעטן, אײַנטרעטן (עס זאָל אַרויסגעבן אַ קלאַנג ענלעך ווי קוואַטש־קוואַטש). א, מיט (די פּיס, מיט די הענט) ליים, בלאָטע, טייג. א, מיט די שטיוואַלעס די בלאָטע בײַ דער טיר. 2. אײַנבּרודיקן. א, די זאַכן. ־עניש.

אײַנקוואָטש(ק)ען זיך — אוטוו. ־טש(ק)ע זיך אײַן, זיך ~געקוואָטש(ק)עט. 1. (ווען אַ הון, אַ קוואָטשקע) אײַנזעצן זיך, אײַנאָרדענען זיך. א, זיך אויף אייער. א, זיך ווי אַ הון אויף אַ סידלקע. 2. בכלל אײַנזעצן זיך אויף אַן אָרט און זיך ניט רירן. זיך א, אויף דער ווייכער קאַנאַפּע.

איינקוואַלן — אוטוו קוואַל אײַן, ~געקוואַלט.

-

כּסדר אַרײַנרינען, אַרײַנגיסן זיך. פֿריש און קאַלט וואַסער קוואַלט אײַן דאָ אונטערן פֿעלדז.

אײַנקוואַרטירן — טרוו ־טיר אײַן, ~

געקוואַרטירט. 1. אַרײַנשטעלן, באַזעצן,
געפֿינען און אַרויספֿצווינגען אַ קוואַרטיר א ן אַ
פּריוואַט הויז. א אַ ראָטע סאָלדאַטן אין די
בעלי,
בתּישע הײַזער פֿון שטעטל. „בנינים וואו מע
האָט אײַנגעקוואַרטירט רויטע אַרמייער“, גרינ,
. . טאָגבוך. 2 באַזעצן (געוויינטלעך, אויף

אײַנקוואַרן

אַ קורצער צײַט) אין אַ קוואַרטיר, דירה. „אויף
מײַן בקשה האָט מען אים אײַנגעקוואַרטירט
אין מײַן צימער„, יהואָש, 'דער פֿידלשפּילער
אָן הענט,.
3. אײַנאָרדענען אויף צו וואוינען. א, די
רעקרוטן אין קאַזאַרמע. „... הילצערנע
באַראַקן, וואו מע האָט אײַנקוואַרטירט די
טראַנספּאָרטן מיט אַרבעטער“, ש. י. האַרענדאָרף,
טעאַטער־קאַראַוואַנען, לאָנדאָן 1955.
4. אַרײַנשטעלן אין אַ צוזאַמענהאַנג. מאַכן
אַן אָרט, אַזוי ווי אין אַ היים. „די מוזיקאַלישע
און חנעוודיקע רייד האָט ער גוט
אײַנגעקוואַרטירט“, יג, תּוך I. „דעריבער האָב איך אים
אײַנגעקוואַרטירט אין איינעם פֿון מײַנע ראָמאַנען„,

א. ווײַזעל, פּאָר, 22 1966 II. „אַפּילו די אויגן די גרויע, זיי האָבן אין זיך אײַנגעקוואַרטירט אַ טרויערל“, סעג געבּרענטע טריט.

מיט ז י ך — „אונדזער פֿאָלק האָט זיך אײַנגעקוואַרטירט אין דער פֿאָרשטאָט“, דר, י. מ. דעמבּאָווסקי, מיט די קאָזאַקן איבּער בּוקאָווינע און גאַליציען, ווילקאָווישק, יאָר? „און דאָס גליק האָט זיך בּײַ אים אײַנקוואַרטירט און האָט זיך בּײַ אים געהאַלטן„, ימבּר“ע, שפּרינצעמירל, בּוקאַרעשט 1878.

־ונג — „דער צווייטער רײַטער־אָטריאַד האָט זיך געלאָזט צום א'ס־פּלאַץ“, איבּז, איליאַ ערענבּורג, מערדער פֿון פֿעלקער, מאָסקווע 1944.

אײַנקוואַרן — קוואַר אײַן, ~געקוואַרט.

אוטוו — אײַנטריקענען; שטאַרק מאָגער ווערן. קומט געווײנלעך אין פּאָרל: אײַנדאַרן און א'.

פֿון אַזאַ דיִעטע האָט ער אײַנגעקוואַרט, גע„

בּליבּן הויט און בּיינער„. טרוו — מאַכן דאַר און קוואַר. “די מלחמה־יאָרן האָבּן אים אײַנגעקוואַרט“.

אײַנקווייטלען — טרוו. ־טל אײַן, ~ געקווייטלט. אײַנפּוצן מיט קווייטן. א, די האָר. א, די בּלוזקע.

איינקוועטש — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
--
רעזולטאַט פֿון אײַנקוועטשן. אַרײַנטרעטן אין שניי און איבערלאָזן אַן א'. אַן א, אין ברויט בײַם אַרײַנרוקן אין אויוון. 2. שפּאַסיק אָדער שפּאָטיש. אַנשטאָט אײַנדרוק. „וואָס פֿאַר אַן א, האָט ער געמאַכט אויף דיר?"..
איינקוועטשן — טרוו. קוועטש אײַן, ~

געקוועטשט. 1. אײַנדריקן, אײַנפּרעסן. א, אַ פֿינגער אין טיר. א, טרויבן. א, איילבערטן. א, אַ געשוויר און אַרויסקוועטשן אייטער. כאַפּן אין אַ ווינקל און א, אים דעם פּאָנץ, דעם דיקן בויך. א, אין אַ קאָרסעט. א, זאַכן אין טשעמאָדאַן.
2. צונויפֿדריקן. "ער האָט גיך געכאַפּט צוויי הענטלעך מיט שניי, עס גוט אײַנגעקוועטשט", אָפּאַ, אַליין. "דעם נעגאַטיוו דעקט מען צו מיט אַ פֿאַפּיר, אײַנגעטונקט אין כלאָריש זילבער און דאָס אינאיינעם קוועטשט מען אײַן אין אַ באַזונדער רעמל", ש. בעקערמאַנן, דער מאָרגען שטערן, אַדעס 84 ׳1. 3. אַרײַנזעצן, אײַנהאַלטן אין גרויסער ענגשאַפֿט. א, דרײַ משפּחות אין איין דירהי

4. מצמצם זײַן. קירצן איבער יעדער מאָס.
א, דעם געדאַנק אין איין פּאַראַגראַף. "ניט
שטענדיק לאָזט זיך אַ גאַנצע לעבעדיקע
ליטעראַרישע פיגור א, צווישן די טאָוועלעך פון
אַ נאָטיצבּיכל,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער 5 .II. אַרײַנפּרעסן. א, אַ ברייטל אויף
אַן איבערבײַס. 6. אָפּשפּאָרן. אָפּרײַסן פון
דער הוצאָה. א, יעדע וואָך אַ צענערל.
מיט ז י ך — ,,עס איז די מאָדע אָנטאָן אַ
קאָרסעט, א, זיך אַז די נשמה שפּאַרט אַרויס,,,
יעקב סאָטמאַן, עברי אנכי, באַרדיטשעוו 1901.
־ונג. ־עכן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אײַנקוטען — טרוו ־טע אײַן, ~געקוטעט. סל.
אײַנוויקלען, אַרומוויקלען. א, נאָז און אויערן
מע זאָל זיי ניט אָפּפרירן. ,,איך האָב...
אײַנגעקוטעט [דאָס קעלבל] אין מײַן שינעל", ט.
גען, סאָוו, היימלאַנד, 5 1968, No. מיט
ז י ך — א, זיך אין עטלעכע פּאַטשיילעס.
אײַנקוטשקען — טרוו. ־קע אײַן, ~
געקוטשקעט. אײַנקנוילן. אײַנדרייען.
אײַנקאָרטשען. א, אַ טיכל. א, אַ פּאַפּיר און

אַוועקוואַרפֿן. ← אײַנקאָטשקען זיך ־עניש.
—
.
איינקוידערן — טרוו ־ער אײַן, ~געקוידערט.
—
.
אין פּאַריזער ייִדיש.][u(l)c: >.
אײַננייען גוסעס [= זײַטיקע שטיקלעך לעדער פֿון
האַנטבײַטל] אויף אַ ספּעציעלער מאַשין.
איינ־
קוידערער.
איינקויטיקן — טרוו ־טיק אײַן, ...,
געקוי.   *
טיקט. אײַנבּרודיקן. אײַנשמירן אין קויט. א,
די קליידער, די זאַכן. מיט ז י ך — "איך
וויל אַרויסלויפֿן און מיך א, ווי אַ רוח,,, נאַד,
טעג אין נאַראַיעוו.
אײַנקוי — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אײַנקויפֿן.
אַן אײַליקער א'. דער א, אויפֿן אַריד. ,,
סחוי
רות ווײַזן לאזין אונט גוטן אײַן קויף מיט
בּזאָרגן העלפֿן,,, אגרת שלמה, יא/ב. "די
מוטער איז אַוועק אין גאַס צו מאַכן אַן א, אויף
שבּת", אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878.
2. דאָס וואָס מע קויפֿט אײַן. אַן א, אַ מציאה.

„דײַן אײַן קויף און דײַן נאָך לעסיקײט רײאַט [= האָט חרטה]“, עיון, נד/ב. „אויב איר האָט װירקלעך חרטה, קען איך אײַער א, בײַ אײַך אָפּקױ[ן“, ז. ה. עהרמאַן, דאָס גרױסע געװינס, װאַרשע תּרפּ„ה.

-

אײנקױפֿבאַר — אַדי. דטשמ. נר. װאָס

-

מע קען עס אײַנקױפֿן ־קײט.

.

אײנקױפֿגעלט — דאָס, ־ער. 1. געלט אויף

-

אײַנצרקױפֿן. ״שפּילן אויף אַ פֿידל אָן סטרונעס און גײן אין מאַרק אָן א״ פּװל.

,

2. אײַנטריטגעלט אין אַ חבֿרה; געלט װאָס מע צאָלט אײַן בעתן װערן אַ חבֿר פֿון אַ חבֿרה, אינסטיטוציע אע. אויך א־מעות. „איין קויף געלט זאָל זײַן ט״ז זהו, [= זהובֿים]“, תּקנות מהח[רה קדישה גמלות חסדים, אַמשט תּק״ב, י/ב. ״דער עיקר איז אַז איטלעכער װאָס װיל

זיך אײַנקויפֿן אין דער חבֿרה מוז צום
ווייניקסטן געבן דרײַ רובל א, לקרן־קימת און פֿופֿציק
קאָפּיקעס אַ חודש,,, שלום־יעק□ אַבראַמאָוויטש,
קמ, 4 1865, No. ,,... אויבֿ ער האַט זײַנע

□

אײַנקויפֿן

אײַנקויפֿסגעלט באַצאָלט,,, קאָנסטיטושען דער
געמיינדע כל י□)ראָל אַנשי פּולין מסו□ אַלק,
נ״י □189.

3. תּיקון. געלט אויף בראַנפֿן (אויך אויף
אַ סעודהלע). ,,א'! איז געוואָרן אַ געשריי,
א'!... לאָז ער געבן תּיקון,,, יעקעלע קונדאַס,
וואַרשע תּרל״ח.

4. קאַמערגעלט. געלט וואָס אַ נײַ־
אַרײַנגעקומענער אַרעסטאַנט דאַרף געבן די וואָס זיצן
שוין פֿון פֿריִער אין דער זעלבער קאַמער פֿון
תּפֿיסה, מע זאָל אים ניט טשעפּען. ,,אַהער אַ
25ער א', אַז ניט ווערט מען דיר רײַבן אַ
מאָרדע,,, ד. לאַזערזאָהן□ די קלאָג־מוטער אָדער
פֿאָטער און קינדער II, וואַרשע 1889.

-

איינקויסן — טרוו. קויף אײַן, ~געקויפֿכו.

-

1. באַצאָלן געלט און קריגן אַ זאַך, זאַכן.

א, אויף שבת, אויף יום־טובֿ. א, נייטיקע זאַכן.

א אַ גאַנצע בעלי־הבתישקייט. א, ספֿרים. „אַז

,

א נאַר גייט א, פֿרייען זיך די קרעמער“, „איין

— —

,

נאַר קען מער א, איידער צען קלוגע קענען

פֿאַרקויפֿן“, שוו. „אַלע סחורות זענען אָסור

אײַנצוקויפֿן אַן [= אום] חול־המועד“, עח,

סט/ד. „... אום באַר געלט איין גיקויפֿט“,

פּראָגב, 49. „אַלזו האבן מיר אים אונטר

וויזין לקצת וויא ער זאָל מרגליות אין קאַפֿין“,

גה, 75. „דער רוצח איז געגאַנגען און האָט

אײַנגעקויפֿט זייער אַ סך סחורות משונה

פֿיל“, נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'. „דער

וואָס קויפֿט אײַן זאָגט כל הרעות אויף

דער סחורה און אַז ער גייט אַוועק, באַרימט

ער זיך ווידער“, מס, משלי תּקע„ד, כ, 14.

אויך: א, אַ כלה, אַ שקלאַף. *א, דאָס קנעפּל,

דעם נאַטשאַלניק אע = געבן שוחד, כאַבאַר.

*א אַ מ צ ו ו ה = געבן צדקה אָדער געבן אויף

,

יעדער מין זאַך, ענין, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ מצווה. *עמעצן ג ו ט א, = אים גוט אויסזידלען, מאַכן פֿון אים אַשפּה.

2. אַרײַנקריגן עפּעס וואָס האָט אַ ' מאָראַלישן, ווערט דורך געבן מתּנות, צדקה, בײַשטײַערונגען אע. א, כּבֿוד. א, פֿרײַנדלעכע באַציאונגען. א, אַן אַמט אין אַ חבֿרה. *א, די בּ כ וֹ ר ה — אויך: אַ חשובֿן אַמט, אַ בכּבֿודיקע פּאָזיציע. אָפּט איר. *א, (זיך) מ פּ ט י ר = דורכפֿאַלן מיט עפּעס וואָס מע האָט געמיינט אַז עס וועט זײַן גוט. *א, ע ו ל ם ־ ה בּ א אע — פֿאַרדינען אַ גרויסע מצווה.

— —

3. אַריבערגעווינען. געווינען אויפֿן אייגענעם צד. אײַנשאַפֿן זיך. א, (די) פֿרײַנדשאַפֿט (פֿון...). „אירע ווייכע, זיסע רייד... שיינע פֿײַערדיקע אויגן האָבן מיך אַזוי... אײַנגעקויפֿט“, ייִל, ניט טויט ניט לעבעדיג, ווילנע תּרנ„ח. ׳אָט האָב איך אײַנגעקויפֿט דעם נאַטשאַלניק [דאָ: געוואונען אויף מײַן צד], מיט וועלכן איך בּין געזעסן אין קאַבינעט„, אַקש, רעד', דאָט געזאַנג פֿון פֿעלקער.

מיט ז י ך — צום בּ1: א, זיך נײַע
מלבּושים אויף פּסח. צום בּ2: „וואָס קומט צו
ניץ דאָס געלט בּײַם טיפּש אין די הענט, זאָל
ער זיך א, חכמה“, מס, משלי תּקע"ד, יז, 16.
„דער וואָס שטראָפֿט דעם שפּעטער דער קויפֿט

-

אײַנקויפֿן

זיך אײַן שאַנד„, חה, 290. א, זיך א י ן אַ
חבֿרה. ← אײַנקויפֿגעלט, בּ2. „ער האָט זיך
אײַנגעקויפֿט אין אַלע הייליקע חבֿרות„, מע״ה
ירושלים, וואַרשע 1889. „די וואָס ווילן זיך א,
פֿאַר חבֿרה־לײַט אין דער חבֿרה־קדישא און
פֿון די וואָס קויפֿן זיך אײַן אין דער
חבֿרהמתים„, ייִפֿאָל, 4 1881, No. „אין מזל קען מען
זיך ניט א', (ווען גאָט וויל, יענעם גיט ער)„,
שוו. “וואָס טויג זיך א, מפֿטיר — אַז מע קען
ניט לייענען מפֿטיר?„, שוו [פֿרגל אײַנקויפֿן, בּ2].
א, זיך א י ן מפֿטיר. *א, זיך (אין) עולם־הבּא
= זיך מיִען צו טאָן מצוות, צו געבּן צדקה אע.
אָפּט איר. „וויל זיך נעבּעך א, אין עולם־הבּא. מע
האָט איר אָבער נישט מוחל געווען אירע זינד“,
מ. י. שעליובסקי, אין דער וועלט אַרײַן.

צום בּ3: א, זיך פֿרײַנד, שׂונאים. א, זיך בּ יי־
יענעם מיט חניפֿה. א, זיך אין עמעצנס ל אַ ס ־
ק ע; א, זיך צו עמעצן אין לאַסקע = יענער
זאָל ווערן אַ פֿרײַנד, אַ שטיצער. „דאַרף ער
זיך ערשט א, אין לאַסקע בײַם גבאי, און ווי
אַזוי דאָס צו טאָן ווייס ער ניט", אַר, 'די
פֿאַרבּיטענע פֿענצטער'. ◻א, זיך אין ל י בּ ע = זיך
מיִען מע זאָל ליבּ קריגן. „זאָל זיך יעדער
פֿון די צוויי פּירושים א, זײַן לייענערישן צד„,
ש. בּיקל, טמז, 23 X 1964. א, זיך אַ גוטן
שם. „בּעלי־עגלות האָבּן זיך אײַנגעקויפֿט אַ
כּיטערן שם בּײַם עולם„, יע, וואונדער־אוצר
פֿון דער איד, שפּראַך, וואַרשע תּר„פּ.
א, זיך אין י ח ו ס = א) חתונה האָבּן אָדער
חתונה מאַכן מיט עמעצן פֿון אַ יחוסדיקער
משפּחה. „אײַך האָט זיך געגלוסט אַ שידוך
טאָן מיט..., א, זיך אין יחוס„, שע 'צעזייט
און צעשפּרייט'. "אין האַרצן האָט זי שוין
פֿאַרמשפּט איר... טאַטן, אַז צוליבּ א, זיך
אין יחוס...„, זש, קיסר און רבּי I; בּ) ווערן
אַ מקורבֿ מיט מיוחסים. „גייט מען אַוועק צום
כּאַם. מע קושט אים אין הענטל אַרײַן, און מע
קויפֿט זיך אײַן צ ו אים אין יחוס", שע פֿון

,

צוויי וועלט1.

*א, זיך צו עמעצן אין ש ט ו בֿ אַרײַן = ווערן היימיש, אָנגעלייגט, אַ בן־בית. „דערפֿאַר האָט ער זיך טאַקע בײַ משה־וואָלפֿן אײַנגעקויפֿט מער ווי בײַ אַלע אין שטובֿ אַרײַן„, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. א, זיך אין אַן אָרט (אין דאָרף, אין שטאָט) = זיך נעמען פֿילן גוט אין דעם אָרט, קריגן דאָרטן פֿרײַנד. „.... וואָס קויפֿט זיך אַלץ מער אײַן אין דאָרף, אָבער... זיצט דאָ אויף דערווײַל„, ש. ביקל, שר□בער □ון מ□.ן דור I.

־ונג — „איך בין גראָד צו הויז ניט געווען, איז פֿאַר זיי קיין א, געוועזן„, מסדר אגרת אָדער איין נײַער בש, וואַרשע 1848. ־עכ□ן.

־עניש — „אין אַלע דײַנע א'ן קויף דיר אײַן פֿאַרשטענדיקייט„, מס, משלי תּקע„ד, ד, 7.

־ער — „אַ נערווועזע אײַלעניש האָט די א'ס געיאָגט פֿון איין געשעפֿט אין צווייטן„, סעג, געבֿרענטע טריט. „דער נײַער מיטגליד [פֿון דער חבֿרה־תּהלים] האָט געמוזט באַצאָלן אַ געוויסע סומע אײַנקויפֿגעלט [←]. אין אָנהייבֿ האָט דער חבֿרה־מאַן געהייסן א, און צום סוף

קויפֿער,,, שמואל ווינטער, יובל 1 ,XIII־2 ־ין,

־קע — אויך: א) וואָס קויפֿט איַין און טראָגט
פֿונאַנדער דאָס איַינגעקויפֿטע אין בעלי־בתּישע
היַיזער. ,,די מאַמע איז שטענדיק געווען
פֿאַרנומען: זאָגערין, א'ין,,, פּרץ, בילדער און סקיצן;
ב) די וואָס קויפֿט איַין ב אַן אויסטראָגערקע

פֿון סחורה ־עריי.

איַינקום — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון
איַינקומען. ,,טאַקע נאָך ביַי זיַין ערשטן א, צום
רבי...,,, ספֿרי שחי רמ״ל, לעמבערג, יאָר?
2 פֿאַרדינסט. דאָס וואָס מע האָט ווי אַ
רע.
זולטאַט פֿון אַרבעט. הכנסה. האָבן א, פֿון מסחר,
פֿון היַיזער אאַזוו. ,,גאָט דיַין האַר ועט דיך
בענטשן און דיַין גאַנצן א, און אין יעטוועדער
טואונג פֿון דיַינע הענט,,, תּי, דבֿרים, טז, 15.
איינקומגעלט — דאָס. 1. געלט וואָס קומט

אַרײַן אָן באַמיאונג (פּענסיע אע). געלט וואָס
קומט אַרײַן פֿון אַ געשעפֿט פֿון הײַזער אע.

,

לעבן פֿון גרייטן א'. „פֿון אַ הויז איז דאָס
א, זעקס פּראָצענט„ רייד (נ„י). 2. דזוו
אײַנקויפֿגעלט, ב2. „די אײַנצאָלונג פֿון אַ נײַעם
קאַנדידאַט... ביז 35 יאָר אַלט איז 5 דאָלאַר
א'„ קאָנסטיטושאָן פֿון דער אונטערשטיצונגס

פֿאַראיין אוה שלום אַנשי טשאַרנע, נ"י 1896.
„איז באַשלאָסן געוואָרן... א, פֿאַר נײַע
מעמבערס זאָל פֿאַרקלענערט ווערן מיט אַ דריטל„,
טאָג, 19 1958 XII.
אײַנקומ(עווד)יק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
וואָס ברענגט אײַנקום, הכנסה. א'ע געשעפֿטן.
אײַנקומען — קום אײַן, ב י ן ..־,געקומען
[ווענן ה אָ ב ←. אויסקומען, 8]. אוטוו —
1. אַרײַנקומען. אַרײַנאָרן. אַרײַנגיין. „עשׂ
איז פֿר שלאָסן אונ, פֿר שפּרט אַל דיא הײַזר
פֿון אײַן צו קומן„, סהמ, ישעיה, כד, 10. „איך
מאג ניט מין [= מיין, מער] אוישׂ גין אונ,
אײַן קומן", יוסיפֿון, אַמשט 1661, יב/ב. „אַז
מע האָט זיך דאָ... גערעכט כ'זאָל א', דאַרף
דאָך דער רבי וואַרטן אין וועג„, [חיים מאַלאַגאַ],

גדולת ר, וואָלף...,, [יפ]. ,,דער מלך איז,
אײַנגעקומען אין אַ שטאָט,,, ספֿר חסידים,
רוסלאַנד? תּק,,ז?
2. אַרכ. פּלוצעם אָנקומען, אָנהײבן זיך.
,,האָט ער מורא, מעכט איין מלחמה איין קומין
און קומט ער אום...,,, אַריה לייבֿ בּר, יהודה
זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1729.
3. אַרכ. אָנקומען. צוקומען צו.... ,,און,
זיא גינגן אויף און, שפּעהטן דז לאַנד פֿון דער
וואַשׂטנײַא צין בּיז רחובֿ דא מן אײַן קומט צו
חמת,,, טח, בּמדבּר, יג, 21.
4. אַרכ. אויפֿקומען, שאַפֿ זיך. אַרויפֿקומען
אויפֿן זינען. ,,קאָם עז דען חסיד בּנבֿואה אײַן“,
מבּ, פּראָג [אַווע III]. ,,אודר דשׂ אים (חס ושלום)
איין אַנדרי (מחשבֿה) איין קם אין זײַנר (
תּפֿילה),,, לט 1, י/ב. “... און, גהער זיך צו שעמן
פֿר הש אַז אים פֿרעמדי גדנקין אײַן קומן
,,'
אין זײַן תּפֿלה,,, עח, מ/ד.
5. האָבּן הכנסה. אַרײַנקריגן. די פּאָר גראָשנס
האַלטן אין א'. ,,אונד ווען אָך קיין מעות אײַן
קומין זעלט...“, אגרת שלמה, ב/ב. ,,... איז

-

אײַנקונפֿט

שווער אין צו קומען צו זײַנם טייל [עולם־הבא],,, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש,,ץ', פֿירט 1694 [פֿש III].

6. אײַנשרומפּן. ווערן ווייניקער. די הכנסה (סחורה) קומט אײַן פֿון טאָג צו טאָג. ,,נאָכן אויספּאַרען דאָס וואָלענע קלייד איז עס עפּעס אײַנגעקומען,,.

7. אײַנדאַרן. אײַנגיין. אײַנפֿאַלן. ,,ער קומט אײַן, נעבעך, ער איז אַ חולה מסוכּן“.

8. דערלאַנגען אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט, אַ בּקשה אע. א, מ י ט אַ פּעטיציע. א, מיט אַ בּקשה צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בּירגער. ,,מוז די געמיינדע א, מיט אַ פּראָשעניע און בּײַלייגן אַ פּריגאָוואָר וואו עס זאָל שטיין דײַטלעך וואָס זיי ווילן“, צעד.

סובֿ — דזוו אײַנקום. צום בּ1: ,,□ ייַײז אינשׂ דאשׂ איין קומן פֿון דעם שטאַט, כּלומר וואו אַרום מאַן קאַן אַרײַן קומן,,, סהמ, שופֿטים, 1716, יט/ב. □דער כּבֿוד איז גרושׂ גוועזן וואז מיר גשעהן איזט אין מײַן אײַן קומין,,, ר, יוס־טו□ ליפּמאַן העלער, כּ“י ,מגלת איבֿה',

1703. צום בּ2: „זײַן אײַן קומען הוט ער אים גימערט“, בּראַנט, פּרק מג. „איך... האָבּ ניט א', דאָס מיינט מען: מײַן הוצאָה איז גרויס און די הכנסה איז קליין„, מענה לשון עם

ט.טש, סודלקאָוו 1836. „ראָוזס געלעגן ווערן האָט אויפֿגעגעסן דאָס גאַנצע א'„, אַש.

טרוו — 1. צונויפֿזאָמלען, אַרײַנבּרענגען (וועגן תּבֿואה). „בּיז דשׂ יאַר דען ניינטין, בּיז חג הסוכּות פֿון ניינטין, דז עז איז צײַט איין

,

קומען איר ורוכט„, טח, ויקרא, כה, 22, רשי.

2. אַרײַנגעבּן, אַרײַנטאָן. „וואָלט השם ית'... אים די דעה איין קעם דשׂ ער מיט דיר וואָלט... [אַריבּער] אינשׂ לאַנד...“, פּבּ פֿון 1533 [וואַכשטיין־בּוך].

אײַנקומעניש — דאָס (די), ־ן. 1. הכנסה. פֿאַרדינסט. אײַנקום, בּ2 פֿאַרמעגן. „זוא העטי

-

.

איך מײַן אין קומניש אונ, דורפֿט מיך ניט צו פֿירכטן דז מיר מײַן געלט גיגנבֿט וואורד„, גה, 48. „לייג כּבֿוד אויף גאָט מיט דײַן

פֿאַרמעגעניש און מיט דעם בעסטן פֿון אַלע דײַנע
א'ן,,, מס, משלי תּקע,,ד, ג, 9. ,,קער אום אַלץ
וואָס איז אירס און אַלע א'ן פֿון דעם פֿעלד,,,
תּי, מלכים בּ, ח, 6. ,,צוטיילן דעם זון צו דער
חתונה... אַ היפּשן נדן, אַן א'", מ. דלוגאַטש,
די וועלט מסורה וואַרשע 1881.

2. זיכער אָרט. טוו פֿאַר 'מקלט,. 3.
פּראָצעס פֿון אײַנקומען. ,,בשליסן איר אויש גאַנג
און, איר אײַן קומנש", מחזור ר"ה ויו"כ,
הומבורג 1721, קסא/א.

-

אײַנקונסט — דער & די, ־ן. דטשמ, אָ□ט
געניצט. אײַנקום, אײַנקומעניש. הכנסה. "האָבּן
אַ חודשלעכן א, פֿון.... דאָס געשעפֿט בּרענגט
ניט קיין א'. ,,זי זייער פֿיל א, פֿון אירע גיטער
האָט,,, איין שיינה מע□ה פֿון איין גרעפֿין אין
פּוילין, טשערנאָוויץ 1862. ,,אמת, איך האָבּ ניט
געהאַט די 'אײַנקינפֿטע, ווי די אַנדערע
ישיבֿהבּחורים האָבּן פֿון די מנינים", י. א. קאַצאָוויטש,
6o יאָר לעבּן. ,,דער ווירט פֿון די א, (
דירה□לס) וואָס ער נעמט", צ. נ. גאָלאָמבּ, די

בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. א,־הויז = הויז
וואָס בּרענגט אַרײַן הכנסה פֿון דירה־געלט.
,,דאָס פּריצישע א'ס־הויז אין מיטן מאַרק: אַן
אײַנפֿאָרהויז, טראַקטיר און קלײטן צוזאַמען“,
פּרץ זכרונות....

אײַנקונציקן — טרוו. ־ציק אײַן, ~
געקדנציקט. נעאָל. מאַכן עס זאָל זײַן (אויסזען)
ווי אַ קונץ. ,,די גאַנצע חכמה פֿון מעדיסאָן
עוועניו [גאַס אין נ“י מיט די גרעסטע
רעקלאַמע־בּיוראָען] איז אַזוי א, די רעקלאַמעס, מע
זאָל אין אָנהײבּ ניט וויסן וועגן וואָס עס רעדט
זיך,,, רייד (נ“י).

אײַנקופּ(□)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אײַן, ~
געקופּ(י)עט. צונויפֿנעמען, צונויפֿשאַרן אין אַ
קופּע. א, די אַראָפּגעפֿאַלענע עפּל. א, שטרוי,
היי. געוויינלעך מיט ז י ך — צונויפֿנעמען
זיך אין אַ קופּע. זיך א, אַרום דעם רעדנער.
זיך א, אַרום טישל אין שענק. “ווערט דאָס
פֿעלד פֿול מיט ייִדן, קופּען זיך אײַן און
צעלאָזן זיך“, אַש, טויטאורטײל.

אײַנקופּלען — טרוו. ־פּל אײַן, □י.,געקופּלט.

פּפֿ: ~קופּקע1 .I. צונויפֿבינדן,
צונויפּ
טשעפּען. א, רינגען אין אַ קייט. .2 ספּעצ.
צונויפֿפֿירן אַ מאַן מיט אַ פֿרוי ־ער — ״ער
.
איז פֿון דער אונטערוועלט, ער איז אַן א,״, רייד
(מעמל, קלײַ'פּעדע). ־ונג — סטוטש. טייל
פֿון אַן אויטאָ [הענטל צו רעגולירן די גיכקייט?].
־עניש.
אײַנקופּקען — טרוו. ־קע אײַן, ~געקופּקעט.
→ דפֿוו. ספּעצ. צונויפֿנעמען אין אַ קופּ(קע).
א אַלע שמאַטעס.
,
אײַנקוק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אײַנקוקן. צאָלן פֿאַר יעדן א, אין
טעלעסקאָפּ. א'־בוך — סטוטש. אינפֿאָרמאַציע־בוך,
אינפֿאָרמיר־בוך. א'־ביבליאָטעק — סטוטש.
רעפֿערענץ־ביבליאָטעק.
אײַנקוקן — אוטוו. קוק אײַן, י.,געקוקט.
-
אַרײַנקוקן. באַטראַכטן. אַנאַליזירן. „ווען מע
נעמט א, ווי דער ייִדישער האַנטווערקער
לעבט... ווי ווײַט ער איז אומאַנטוויקלט״, ל.

לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888. "[אין] איר געזיכט, ווען מע זאָל מיט אַ קלוגן בליק אָ', בײַטן זיך עפּעטער אַלע פֿאַרבן,,, י. בודזאָהן, אַגיטראַציע ווײַביל חלעבין, ווילנע 1892. "זיך ניט פֿוילן אײַנצוקוקן אין די אָנגעצײַגטע פּלעצער פֿון תּנך און תּלמוד", ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. "אין וועג, אַז מע פֿאָרט, געהער מען מיט זיך נעמען ספֿרים מע זאָל קענען א'", בן־ציון בר, יוסף יהודא מחערסאָן, צדה לדרך, פּיעטריקאָוו 1905.

געוויינטלעך מיט ז י ך — 1. גוט אָנקוקן. אַבסערווירן. א, זיך אין עמעצנס פּנים. ,,מע זאָל אײַנהאַלטן די אויגן ניט צו זען אויף וואָס מע טאָר ניט, ומכּל־שכּן ניט אײַנצוקוקן זיך מיט כּוונה", פּוקח עורים, שקלאָוו 1832, אות יז. ,,ר, לייב שטעלט זיך אָפּ, נעמט אָן אַ פּולע זשמעניע ווייץ און קוקט זיך אײַן ווי אַ בקי,,, ממוס, אין אַ שטורם־צײַט. ,,דער אַקטיאָר מוז

זיך גוט א, אין זײַן מאַסקע... בכדי צו

וויסן... ווער ער איז,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער II. ,,ער האָט פֿון געלעגער זיך
אײַנגעקוקט אין דער שוואַרצקייט פֿונעם
פֿענצטער“, אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק, מאָסקווע
.1928

2. באַמיִען זיך אויסגעפֿינען עפּעס מיטן
קוקן. ,,בײַ יעדן באַגעגענען אַ מענטשן
באַהאַלט ער זיך... מע זאָל זיך נישט אין אים
א',,, ח. ל. מושקאַט, תּלמידי חכמים, ווילנע
1896. ,,קוקט זיך אײַן, ווער דאָס רעדט צו
אים, טאָמער איז דאָס אַן אונטערגעשיקטע“,
שע, אין שטורם. “האָט זיך אײַנגעקוקט אין
ווײַב מיט אויפֿגעזשאַרעטע אויגן,,, ע
פֿערשלײַ.
סער, צוק פֿעב, 1937.

'

3. לייגן (געבן) אַכט, אַרויסווײַזן אינטערעס.
“קיינער קוקט זיך ניט אײַן וואָס עס טוט זיך
אַרום אים, מע קען שטאַרבן אין זייערע אויגן,
אַרט דאָס ניט קיינעם,,, אַמעריקאַנישע גליקן,
וואַרשע 1895.

4. אַרײַנקוקן. אַ ביסל מעיין זײַן. א, (זיך)
אין ספֿר. “לאָמיר נעמען די גמרא און א, זיך
צי איז טאַקע אַזוי“.

5. אַנאַליזירן, באַטראַכטן. „דו וועסט זיך א,
אויף דעם... אַמאָליקן חתן, וואָס דו האָסט
זיך אין אים אײַנגעליבט גאַנץ לאַנג“, ש. ג.
הרכבֿי, די געליהענע האַק, באָסטאָן 1911.
„... כּדי אײַנצוקוקן זיך אין דעם כּבֿוד פֿון
דעם מלך“, תּניא, קמ. “קוק זיך אײַן... צו
די ווערטער וואָס דער רבי זאָגט“, לדבֿ, נ“י
תּשי“ז, 41. „מע קוקט זיך אײַן אין אַזאַ
פֿאַרשוין, דערזעט מען פֿונוואַנען ער ציט זײַן
יניקה פֿאַר זײַן לירישער דיכטונג“, א
שטיינמאַן, היימיש, אַפּריל־מײַ 1961.
־עכץ. —עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איינקורטשען (זיך) — ← אײַנקאָרטשען
־
(זיך).
איינקורירן — טרוו ־ריר אײַן, ~(גע)קורירט.
. .
אַ ביסל קורירן. קורירן נאָר מיט אַ
צײַטווײַליקער פּעולה. א, אַ קאַנסער, אָבער ניט
אויסקורירן דעם קראַנקן. מיט ז י ך. —ונג.
איינקושן— טרוו. קוש אײַן, ..„געקושט. 1.

קושן אַ סך מאָל. א, דאָס זיסע קינד, דאָס ווײַבעלע.
2. אײַנרואיקן מיט קושן. א, דאָס וויינענדיקע
קינד. ־עניש.
אײַנקיבעצן — טרון. ־עץ אײַן, ~געקיבעצט.
אײַנכּעסן מיטן בסדרדיקן קיבעצן. „איך קען
ניט שפּילן אַז מע קיבעצט מיך אײַן“, רייד
(נ„י).
אײַנקיט(עווע)ן — טרוו. קיט(עווע) אײַן,
 „געקיט(עוועט). 1. אײַנפֿעסטיקן מיט קיט.
א, די שויבן. 2. בכלל אײַנפֿעסטיקן. א, דעם
פֿאַראיין (קאָוונע). אויך מיט ז י ך. ~
קיטונג.
איינקייט — דאָס, ־ן. 1. דזוו איינציקייט.
אחדישקייט. „[אחד ואין יחיד כּיחידו] ער איז
אַליינט — איין גאָט מיט א'“, ש פֿראַנקפֿורט,
.
ספֿר החיים II, קיטן תּע„ז, ה/ב. “איין איינ־יגר

אײַנקײַקלען

גאָט, זײַן א, האָט קיין גלײַכן ניט“, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט תּק„ח, נח/ד. „אַלע
נאַטורכּוחות זענען... אויסשטראַלונגען פֿון גאָטס
א'„, אפֿא, געטראַכט מיט ע ר־ט .טש.

2. דזוו איינסקייט. צונויפֿגעבונדנקייט אין
אַן איינס. די א, פֿון פֿאָלק ישׂראל. די
דורותדיקע קולטור־א'. "ווי צוויי גרינע פֿלאַמען
פֿאַרפֿלאָכטן צוזאַמען אין איינער א,,,, סוצ,
וואַלדיקט. ,,אַ טעות צו רעדן וועגן חסידות ווי וועגן
אַ סטאַטישער א'. די א, פֿון חסידות איז אַ
דינאַמישע", צײַט, טמז, 1 □ 19 I □ I □ ו 25.

3. אַליינקייט. בדידות. "די ליבשאַפֿט פֿון א,
און דאָס אויסדערוויילונג פֿון צו זײַן תּמיד
אַליין", חה, בּ, 213.

אײַנקייטלען — טרוו. ־טל אײַן, □ י.,געקייטלט.

1 פֿאַרבינדן מיט אַ קייטל. אַרויפֿטאָן אויף אַ
.
קייטל. א, דעם אַלטן אויבל און אים טראָגן
אויף דער בּרוסט פֿון א, צוזאַמען שיפֿלעך
,, .
ווערט נאָך ניט קיין קרייסער,,, פּמ, פּאָעמע
וועגן סטאַלינען, מאָסקווע 1940. 2.
אײַנשמידן, אײַנקאָוועןן אין קייטלעך. א, די הענט
פֿון אַרעסטירטן. 3. אַרײַננעמען ווי אַ
קאָמפּאָנענט. א, עטלעכע מדרשים אין דער דרשה. א,
זכרונות אין אַן עסיי. 4. אײַנהעפֿטן,
אײַנגלידערן. א, נאָך אַ קאַפּיטל צו די זכרונות.
מיט ז י ך — זיך א, אינעם נײַעם שטייגער לעבן.

א, זיך אין אַ קאַראַהאָד. —ונג. ־עניש.
איינקייטן — טרוו. קייט איַן, ~געקייט.
--
דזוו איַנקייטלען, בּבּ 1־2, אָבּער מיט אַ
גרויסער קייט, ניט קיין קייטל. א, צוזאַמען
עטלעכע אַרעסטאַנטן. א, די פֿריַהייטן.
איינקיילן — טרוו. קיַל איַן, ~געקיַלט.
-- --
1. איַנמזיקן, צעמזיקן בּיז בּלוט. איַנבּיַלן
און א'. 2. איַנקלעמען. "די צווייטע געפֿאַר
איז דאָס א, (איַנקלעמען) פֿון די מערידן־
קנאָטן,, פֿגעז, ווילנע 11 1936, No.
,
איַנקיַלעכן — טרוו. ־לעך איַן, ~
געקיַלעכט. 1. מאַכן אין אַ מער־וויניק
קיַלעכדיקער פֿאָרעם. א, די הילצערנע קעפּלעך.
2 פֿאַררונדיקן, איַנרונדיקן. א, דעם חשבּון.
.
איינקייען — טרוו. קיַ איַן, ~געקיַט. [פֿד,
- --
אוקר אַרויסגערעדט: קיַע איַן, ,געקיַעט.]
1. (אַ פּאָר מאָל) איַנבּיַסן, אָבּער ניט צעקיַען.
א אַן עפּל. 2. צעקיַען, גוט צעמאָלן מיט
,

די ציין אע. א, אַ האַרטן ביסן. א, אַ שטיקל
ברויט און געבן דעם עופֿעלע פֿאַפּע. *א אַ

,

האַרטן ביסן = אויך: אויספּוֹעלן עפּעס ב󠀠 אַן

ʼ

עקשן, ביי אַ מאַכטהאָבער. 3. פֿרעסן אַ סך.
ער קען א', קיין אַפּעטיט־טראָפּנס באַדאַרף מען
אים ניט געבן. 4. גוט מסביר זיין, געבן צו
פֿאַרשטיין. א, מיטן יינגל די האַרבע סוגיא.
5. תּופֿס זיין. באַנעמען, פֿאַרשטיין עפּעס וואָס
עס איז שווער אויפֿצוכאַפּן. א אַ בלאַט גמרא,

,

די האַרבע סוגיא. א, די מאַטעמאַטישע
אויפֿגאַבע ־עכ󠀠ן ־עניש.

. .

איינקייקלען — טרוו ־קל איין, ~געקייקלט.

— — I

1. מאַכן אַ קויק, אַ קייקעלע. א אַ שטיקל

,

ברויט. א, ליים. א, קניידלעך. 2. איינדרייען.
א, דעם באַל סחורה. א, שניי צו מאַכן אַ

שנייאיינקילן

מענטש. 3. אַרײַנקײַקלען, אַרײַנבּרענגען דורך קײַקלען. א, אַ פֿאַס פֿון הויף אין קעלער אַרײַן. 4. אײַנוויקלען. אײַנהילן. א, דאָס קינד אין אַ לײַלעך נאָכן באָדן. קללות: „מע זאָל דיך א, אין לײַלעכער!“ [בײַ טיפֿוס, בײַ אַנדערע קרענק מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור פֿלעגט מען א, אין לײַלעכער]; „אַ דונער זאָל דיך א'!“.

מיט ז י ך — א, זיך פֿון בערגל אין טײַך אַרײַן. „קאַלטע טראָפּנס פֿלעגן זיך אַרײַנשטעכן אין דעם וועג־שטויב און זיך א, אין פּיצינקע קײַקעלעך בלאָטע“, אָ. סטרעליץ איבז, מ. שאָלאָכאָוו, אופֿגעאַקערטע רויערד, מאָסקווע 1937.
־עניש.

אײַנקילן — טרוו. קיל אײַן, ~געקילט. מאַכן קילער. א, שפּײַז איידער מע דערלאַנגט צום טיש. א, דאָס צימער. אויך מיט ז י ך — זיך באַרואיקן, זיך א,. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.

אײַנקינצלען — טרוו. ־צל אײַן, □י־,געקינצלט. מאַכן עס זאָל זײַן געקינצלט. א, די פּיסלעך פֿון טיש. א, די קאַנאַפּע מיט פֿראַנזן פֿון אונטן. א אַ חתונה־קלייד. אויך: א אַ געשטאַלט, עס זאָל זיך באַקומען אַ קאַריקאַטור ־עניש.

.
אײַנקירעווען — טרוו. ־רעווע אײַן, ~
געקירעוועט. פּפֿ: ׳קערעווען פֿאַרקירעווען,
.
אײַנפֿירן אין אַן אַנדער ריכטונג. א אַ פֿערד

,
אויף רעכטס, לינקס. א, מיט פֿערד־און־וואָגן
אין קרעטשמע אַרײַן. א, דעם טײַך, שטראָם.
א, די באַוועגונג מער אויף רעכטס (לינקס). א,
די יוגנט צו זײַן פּאַטריאָטיש. אויך מיט
ז י ך — זיך אַן עצה געבן מיט עפּעס. „זיי
פֿלעגן זיך א, איינס און צוויי מיט די
אַפּיקורסים„, א. בונדאָוועץ, פּאָליטישע פּראָצעסן,
זשענעוו 1904.
אײַנקירצן — טרוו. קירץ אײַן, ~געקירצט.
פּפֿ: ~קערצן. מאַכן אַ ביסל קירצער. א,
די אַרבל, די פּאָלעס. א, דעם וועג. א, די
דעבאַטע פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש און א, די יאָרן.
—
־ונג.
אײַנקלאָגן — טרוו. קלאָג אײַן, ~געקלאָגט.
1. אַרײַנברענגען קעגן עמעצן אַ תּביעה, אַ

קלאַגע פֿאַרן געריכט, בכלל בײַ אַן אַמט, אַ
מאַכטהאָבער. א, דעם בעל־חובֿ. זיך צעקריגן
מיטן שכן און אים א'. א, פֿאַר ערן־
באַליידיקונג. „שיקט דער קאַדי... נאָך דעם

סאַרבער... איז [עך] דערשראָקן געוואָרן, ער האָט
געטראַכט אַז ווער אים אײַנקלאָגט“, טויז◌נגד
אונד איין טאָג, וואַרשע 1839. „ווערסט מיך א,
בײַם (פֿאַרן) ונתנה־תּוקף“, איר, שפּאָטיש =
קענסט מיר ◌אָרנישט טאָן. 2. פֿאַרמסרן
פֿאַר אַן עלטערן. א, די ייִנגלעך וואָס האָבן זיך
געטשעפּעט. א, דעם עלטערן ברודער. אויך
מיט ז י ך — זיך א, פֿאַר דער מאַמען אויף....
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —
„זאָלן זיי געוואָר ווערן ווער א'ס דערפֿן זענען“,
ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, מגלת אי◌ה, לובלין
1895. ־ערײַ.
איינקלאַגע — די, ־ס. פּר. גאַליציע. אָנקלאָג.

-
--

דאָקומענט מיט אַ טענה, תּבֿיעה קעגן עמעצן.

121

איַינקלאַמערן — טרוו. ־ער איַין, .,,
געקלאַמערט. 1. אַריַינגעמען אין פֿעסטע (איַיזערנע)
קלאַמערן, צוואַנגען. א, אַ קלאָץ און
אַרויפֿהייבן אים אין וואָגן. א, אַן איַיזן צום שמידן.
2. אַריַינגעמען אין קלאַמערן, האַלבֿע לבֿנות.
א אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַ ציפֿער. 3. שטאַרק
,

אַרומנעמען, צודריקן צו זיך. ,,ס'האָט זיך צו
אים צוגעקיַיקלט אַ דיקע דאַמע און אים
איַינגעקלאַמערט אין די אָרעמס“, באַש, גימפּל תּם.
4. (צו)דריקן עמעצן. שאַפֿן פֿאַר עמעצן אָדער
עפּעס אַ שווערע סיטואַציע. ,,די נויט קלאַמערט
איַין די אימיגראַנטן,,. א, דעם קאָנקורענט מיט
די רעקלאַמע־ליכטער.
מיט ז י ך — מיט אַלע כּוחות זיך אָנהאַלטן.
האַלטן פֿעסט, איַינעסן זיך. א, זיך מיט די נעגל,
מיט ביידע הענט. א, זיך אין באָדן (דער ערד,
דעם לאַנד). זיך א, מיט די פֿיס אַרום אַ סלופּ.
א, זיך אין אַ טעאָריע. ,,.... דער פֿראָסט זאָל
זיך ניט א, אויף די פֿענצטער,,, גאָדיל

קערשענקאָרין, דער טיראַנישער פּעטער, וואַרשע 1886.
„ער קלאַמערט זיך איַין אין יונגס האַלדז, ווערגט
אים“, יודל יאָפּע, דאָס איידעמל, מאָסקווע 1936.
פּלעגט זיך אים א, מיט די פּינגער אין זיַין

”
געדיכטער גריווע,,, ייִז, ,מאַגדאַ., „דער אָקס...
פּרוּווט זיך א, מיט די טלאָען אין דיל“, באַש,
אַ שיף קיין אַמעריקע'. „ביַי דער אַקציע...

,
האָט זיך זיַין פֿרוי אין איין קינד
איַינגעקלאַמערט, און פֿון קראַמף זיַינען די הענט איר
געוואָרן פֿאַרשטאַרט,,, י״ראל קאַפּלאַן, שליאַך
און אומוועג. „איך וועל זיך א, אין דיַין
געשטאַלט און שעפּטשען: ניט פֿאַרהאַלט“, א.
שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפּט ־ונג.

.
־ניש. ־ערער — 1. ווער עס קלאַמערט
(זיך) איַין. 2. מיט וואָס מע קלאַמערט (זיך)
איַין. „מיט זיַינע א'ס שטשימעט ער [דער גיַיץ]
זיך איַין אין ווענטל פֿון מאָגן,,, ש. בלום, דער
בוים פֿון לעבן, נ„י 1931.
איינקלאַנג — דער, ־ען. מיטשטימונג.
איַינפֿאַרשטענדעניש. האַרמאָניע. געווען אַן א,
צווישן זיי. די שטימען גיסן זיך צונויף אין אַן א'.

← אין א, מיט.... ,,זיך אײַנגעהעפּט אינעם
א, פֿונעם גאַנצן אַרומיקן אימפּעט,,, ש. פּערסאָוו,
אויצרעס, מאָסקווע 1939.
איינקלאַנגיק — אַדי. 1. וואָס האָט נאָר
איין קלאַנג. אַן א'ע מאָרפֿעם. 2. וואָס איז
פֿון איין טאָן. א'ע טענער, גערוישן. 3.
מאָנאָטאָן. נודנע. דאָס א'ע געזאַנג פֿון די פֿרעש.
דער א'ער קו־קו. ־יקייט.
איינקלאַסיפֿיצירן — טרוו. ־ציר איַן,
--
~(גע)קלאַסיפֿיצירט. אײַנשטעלן,
אַרײַנבּרענגען אין (דער ריכטיקער) קלאַסיפֿיקאַציע.
אַנדערש א, די פֿאַרשיידענע אַדווערבן. א,
אינזעקטן. ־ונג.
אײַנקלאַפּן — טרוו. קלאַפּ אײַן, ~געקלאַפּט.
--
1. אַרײַנקלאַפּן. א אַ נאָגל אין וואַנט. א אַ

, ,
שטאַמפּ. ,,אַך טאָר ער ניט דר מיט קלאַפּן דז
ער וועלט אײַן קלאַפּן דער מיט איין צאַפּן אין
זײַן פֿאַס“, לט1, עא/א. *א, אַ קלין =
אַרײַנבּרענגען אַ שטערונג. קאַליע מאַכן עפּעס אין

צווישנאײַנקליאַפּען

מענטשלעכע באַציאונגען. 2. קלאַפּן אַ געוויסע
צײַט. א, די טעפּעכער, ס'זאָל אַרויס דער שטויב.
3. קלאַפּן כּדי מיט דעם בעסער צו מאַכן
(פֿאַר עפּעס אַ צוועק). א, דעם שטרויזאַק, די
פּערענע (כּדי אינעווייניק אויסצוגלײַכן שטרוי,
פֿעדערן). א, אויפֿן קאַפּול די ראַנדן פֿון די
זוילן. א, די בלעכן פֿאַרן דאַך. 4. אַרײַנשיטן,
אַרײַנגיסן (און דערבײַ פֿריִער עפּעס צעקלאַפּן).
א, אייער אין אַ שפּײַז. א, קרעם אויף אַ קוכן.
5. אײַנטרייסלען. אַרומקלאַפּן. "קלאַפּט אײַן
אַ זאַק מעל אָדער וואָס עס איז אום מע זאָל
קענען דאָרטן מער אײַנפּאַקעווען", ר, יעקבֿ
מדובנא, משלי חכמה, ווילנע תּר"ן. 6.
אײַנטאָפּטשען. אײַנדריקן. א, ליים. א, דעם זשוויר
אויף די שטעגלעך.
7. אײַנלערנען, אײַנחזרן. אַרײַנהאַקן אין קאָפּ.
א, די גוואַלדאָוונע תּורה. א, קטלתּי־קטלת.
8. מאַכן עס זאָל אַרײַנדרינגען (דורך
איבערחזרן). א, דעם מאַן אין קאָפּ אַ בלבול אויף זײַן
ווײַב. א, ליגנס. א, זאַבאַבאָנעס אין זייערע
נאַרישע קעפּ. 9. צוקלאַפּן. צונויפֿקלאַפּן די
הענט בײַם אָפּשליסן אַ געשעפֿט. א, דאָס (צו
דעם) געשעפֿט.

מיט ז י ך — זיך א, אין קאָפּ אַרײַן. אויך: אײַנלייגן זיך, אַרײַנפּאַסן זיך. ,,מע קען נאָך אָנשטאָפּן די זעק, בײַם פֿאָרן וועט זיך עס א'‚‚.

— ־. ניטאָ קיין שלום־בּית בײַ זיי, מע רײַסט זיך און מע בײַסט זיך. — עט מיט דער צײַט וועט זיך עס א‘‘, רייד [ווש מיט אָנקלאַפּן = אָנשלאָגן].

־ונג. ־עכ ן. —עניש. ־ער (־ין, —קע) — אויך: יעדער מין מכשיר וואָס ווערט געניצט בײַם אײַנקלאַפּן. ספּעצ. הילצערנער האַקמעסער אײַנצוקלאַפּן דעם אײַנשלאַק (←) בעת וועבן, געצײַג פֿון שטריקמאַכער; הייסט אויך של אָ גהאָ ל ץ.

־ערײַ.

אײַנקלאָרן — טרוו. קלאָר אײַן, ־,געקלאָרט. פֿרגל: ~קלערן. מאַכן קלאָרער (וועגן אַבסטראַקטע ענינים). א אַלע פֿונקטן פֿון אָפּמאַך.

,

אויך מיט ז י ך.

אײַנקלויבן — טרוו. קלויב אײַן, ~געקליבן.

-

→ אײַנקלײַבן.

אײַנקלומפּערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

גערקלומפּערט. אײַנקנוילן. אײַנדרייען. א, פּעדעם.

א, וואָל. א, שניי און מאַכן האַרט ווי אַ שטיין.

מיט ז י ך — אײַנציִען זיך. א, זיך ווי אַ יאָזש.

איינקל אַנטשען — טרוו. ־טשע אײַן, ~

געי

-

קליאַנטשעט. אַרײַנקריגן דורך אײַנבעטן זיך.

א אַ חובֿ. געוויינלעך מיט ז י ך — א, זיך

,

בײַם פּריץ, ער זאָל אָפּלייגן די ראַטע. א, זיך

בײַם פּריסטאַוו ער זאָל ניט מאַכן קיין

פּראָטאָקאָל ־עניש.

.

אײַנקליאַפּען — טרוו. ־פּע אײַן, ~

געקליאַפּעט. וורר. אײַנקלאַמערן. א, וועש אויף אַ

שטריק. מיט ז י ך — אײַנקלאַמערן זיך.

אײַנליבן זיך, פּעיאָ. „—־־. נו, איר זעט דאָך, אַזאַ

אײַנקליגלען זיך

ייִדענע איז זי, מײַן פֿייגע־ציפּע, האָט זיך
אײַנגעקליאַפּעט אין דער שטוב„, מאָל, פֿאָר, 1963
4 III. ־עניש.
אײַנקליגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אײַן, זיך
~געקליגלט. מיט אַ חכמהלע, מיט אַ המצאָה,
זיך אַרויסדרייען פֿון עפּעס וואָס איז
אומגינציק. א, זיך צו קריגן בײַם לערער אַ בעסערן
צייכן. א, זיך ניט צו גיין הײַנט אין חדר.
אײַנקלײַב — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אײַנקלײַבן.
איינקלייבן — טרוו. קלײַב אײַן, ~געקליבן.
־ ־
פּפֿ: ~קלויבן. 1. (צונויפּ)קלײַבן אַרן
אַרײַנלייגן אין אַ כלי, אַרײַננעמען אין עפּעס.
א, יאַגעדעס אין קערבעלע. א, שפּענדלעך האָלץ
אין זאַק. א, די פּאַטשערקעס אויף אַ פֿאָדעם.
א, די שעפּסעלעך אין הויף אַרײַן. 2.
צונויפֿמאָנען. א, געלט. „עס מוז תּיכּף אײַנגעקליבן
ווערן אַלע חובֿות“, די מע ה פֿון פֿיער
ברידער, וואַרשע 1906. 3. אײַננעמען,
צונויפֿנעמען. צונויפֿדרייען. א, די האָר, מאַכן אַ
קובליק. א, די פּאַלבעלעך פֿון פֿאָרהענגל און
איבערבינדן מיט אַ סטענגע. 4. אַרײַנרופֿן.

צונויפֿרופֿן. צונוי זוכן. א, די פֿאַרבײַגייערס
צו אַ מנין. „האָבן... געמאַכט אַ זאַקאָן
אײַנצוקלויבן די אויסגעדינטע זעלנער אויף עטלעכע
טאָג יעדער יאָר“, יעקבֿ סאָטמאַן, עבֿרי אנכי,
באַרדיטשעוו 1901. 5. אײַנזאַמלען, אײַנציִען.
א, די צעקלאַפּטע דיוויזיעס פֿאַר אַ נײַער
אָפּענסיווע.
מיט ז י ך — א, זיך צו אַ מנין אין הויז
פֿון אַן אָבֿל. אויך: 1. זיך באַזעצן אין אַ נײַער

דירה. א, זיך אין אַ קאָאָפּעראַטיוו הויז.
2. מאַכן לאַנגע הכנות צו עפּעס. „ביז ער
קלײַבט זיך אײַן — איז שוין נאָך אַלעמען“.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
איינקליידן — טרוו. קלייד אײַן, ~געקליידט.
-
1. אָנטאָן אין קליידער. א אַ קינד. 2. ספּעצ.
,
אָנטאָן אין מיליטערישע קליידער. אָנטאָן אין
אַן אוניפֿאָרעם. „מע האָט אים אײַנגעקליידט,
פֿון איצט אָן וועט ער עסן אומזיסטע קאַשע“,
רייד (טשערנאָוויץ). 3. אײַנפֿאַסן. אײַנראַמען.
צוגעבן אַ דרויסנדיקע פֿאָרעם פֿאָרגעפֿיל קעגן

· ,,
דעם מערדער וואָס האָט די מאָרדטאַט
אײַנגעקליידט אין אַ געזעצלעכער פֿאָרעם,,, קמ, 1867,
No 24. מיט ז י ך — א, זיך ווי אַן אַלטע
ייִדענע ־ונג.

·

אײַנקלייסטערן — טרוו. ־ער אײַן, י.,
געקלייסטערט. אײַנשמירן מיט קלייסטער,
קלעפּשטאָף. א, די אָביצעס, די טאַפּעטן. א, די
פּאָדשעווקע און צוקלעפּן צו די כאָליעווקעס.
איינקלייען — טרוו. קלײַ אײַן, ..,געקלייט.
־

[אין פּד, אוקר אַרויסגערעדט: קלייע אײַן, ..,
געקלייעט.] 1. אײַנקלעפּן, אײַנפּעסטיקן מיט
קלײַ. "דער שטעפּער פּלעגט ניצן ספּעציעלע
שטעפּערשע קלײַ אײַנצוקלייען די צוגעשניטענע
אָרבעט פֿאַרן שטעפּן", י. בערגער, ייִבל XX,
3. 2. אַרײַנקלייען. א, צײַטונג־אויסשניטן
אין בוך. מיט ז י ך — זיך א, אין עמעצן.
־עניש.

1218
אײַנקלינגען — טרוו. קלינג אײַן, ~

געקלונגען. 1. אַרײַנקלינגען. א, עמעצן אין אויער
אַרײַן. 2. אײַנרעדן. כּסדר דערציילן וועגן
עפּעס (געווײנלעך מיט אַ שלעכטער כּוונה). א,
אַ רכילותל אין אַלעמענס אויערן ־עניש.
.
איינקליניש — אַדי. (קריסטאַלאָגראַפֿיע) וואָס
האָט נאָר איין קלין, איין שיפֿוע. א'ע
קריסטאַלסיסטעם (ווילקאָמירער ייִדישע
רעאַל־גימנאַזיע).
איינקלינע(ווע)ן — טרוו. ־נע(ווע) אײַן,
־.
~געקלינע(ווע)ט. 1. אַרײַנגעבן, אַרײַנשטעלן
אַ קלין. זיך אַזוי אויספּאַשען, אַז מע דאַרף
א, גרויסע קלינעס אין די הויזן. 2.
אַרײַנשטעלן אין צייכנס . א, די נעמען פֿון
דערציילונגען. א, אַ ניט־געראָטן וואָרט. 3.
אײַנקלאַמערן. אַרומרינגלען. א, דעם שׂונאס בעסטע
דיוויזיע.
אויך מיט ז י ך — אַרײַנדרינגען ווי אַ קלין.
א, זיך אין אַ חבֿרה. „דער
איבערפֿאַרקויפֿערספּעקולאַנט סטאַרעט זיך א'עווען זיך
צווישן
דעם אַרבעטנדיקן פֿאַרקויפֿער און דעם

אַרבעטנ
דיקן קויפֿער“, א. קאַנטאָר איבּז, וו.
קאַרפּינסקי, שמועסנ וועגנ לעניניזס, מאָסקווע 1934.
איינקליעפּען — טרוו. ־פּע איַן, ~

געקליעפֿעט. פּפֿ: ~קלעפּיען. איַנקלאַפּן (מיט ביטול, פּעיאָ). א, אין קאָפּ אַ ווילדע נאַרישקייט.
מיט ז י ך — „ער האָט זיך איַנגעקליעפּעט אין קאָפּ, אַז אַזוי מוז האַנדלען אַן ערלעכער מאַן“, קמ, 1865 20 ,No. אויך: איַנליבּן זיך, פּעיאָ.
איינקליפּהן — טרוו. קליפּה איַן, ~
געקלי .
פּהט. 1. מאַכן פֿאַר אַ קליפֿה, אַ מרשעת.
מע רייצט זיך מיט איר, קליפּהט מען זי איַן.
2. שטאַרק אויפֿרייצן, צערייצן פֿאַרוואָס זי
. „
כליפּעט? האָסט זי איַנגעקליפּהט„.. מיט ז י ך
— זיך צוגעוואוינען צו זיַן זייער שלעכט, אַרויסוויַזן רשעות (נאָר וועגן אַ פֿרוי) פֿרגל
.
אויסקליפּהן, 344.
איינקליפּייען זיך — אוטוו. ־פּיַע זיך איַן,

- ▯ ▯

זיך ~געקליפּטעט. אוקר. פּעיאָ. אײַנליבּן זיך.
איינקללה(ווע)ן — [... קלאָלע...] טרוו.
-.
קללה(ווע) אײַן, ~געקללה(ווע)ט. פֿאַרשעלטן.
אומגליקלעך מאַכן מיט כּסדרדיקע קללות. „אַזאַ
אומגליק! ניט־פֿאַרגינערקעס האָבּן זי
אײַנגעקללהט„.
איינקלעבּן — דזוו אײַנקלעפּן ←. „איר בּליק
-
געהאַט אײַנגעקלעבּט אויף דעם טויטן קערפּער
פֿון איר קינד„, איבּז הנ״ץ, שולמית...,
לובּלין 1875.
איינקלעגערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געקלע־־
גערט. 1. אַרײַנרעדן אין עמעצן קלאָגרייד.
א, אין קאָפּ אַרײַן די אַלע צרות וואָס מע האָט
דררכגעלעבּט. 2. דזוו אײַנקלאָגן. אויך מיט
ז י ך. ־ניש. ~קלעגער. ~קלעגערײַ.
אײַנקלעמען — טרוו. קלעם אײַן, ~געקלעמט.
-
1. אײַנקוועטשן. אײַנדריקן. אײַנקלאַמערן.
א, אַ פֿינגער אין טיר. א, די דאָקומענטן
אין אַ קלעם־אײַזנדל. א, וועש אויפֿן שטריק.

אײַנקלעפּן

אויו אומפּ. עס קלעמט מיך אײַן בײַם האַרצן.

2. אַרײַנטאָן אין אַ קלעם, אין קליעשטשעס. א, אײַזן. א, מיטן אָרעם יענעמס האַלדז. א, דעם שניט, די הויט זאָל גיכער זיך צונוי□־וואַקסן. אויך פֿיג. דער פֿראָסט קלעמט אײַן דעם טײַך. „די פּשעוואַזניקעס... האָבן מורא, [דער פֿראָסט] זאָל זיי אויך נישט א, [די שיפֿלעך]“, שלמה פּראַג, איין נײַע געשיכטע... פֿון פֿראָסט, וואַרשע תּר״ל. „כ'האָב זיך □ □.

מיט מײַן שפּאָרנדרוק אין ביידע □יס דיך אײַנגעקלעמט“, בֿ לאַפּין□ צייכנס.

3. אײַנפּרעסן. אײַנקריצן. א, אַ צייכן. „האָט אײַנגעקלעמט זײַן קוק אין אויסלענדער: וואָס הייסט?“, א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.

4. אָרײַנוואַרפֿן אין תּפֿיסה. „מע האָט מיך געפּאַקט, אין תּפֿיסה געטאָן א',,, גנ□ים־ליד [פּ. גראַובאַרד, בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923].

5. (שנײַדערײַ) אײַנציִען. מאַכן שמעלער,

קירצער.

6. אײַנדריקן אויפֿן (אין) געדאַנק. אײַנהאַמעווען. אונטערדריקן אַ געפֿיל. א, דעם מוח. א, איין איינציקן געדאַנק אין קאָפּ. „כ'וואָלט דאָס אייגענע קליינקייט אײַנגעקלעמט“, אפֿא, יעקבֿ'ס געצעלטן.

מיט ז י ך. ־ונג — „אַ ברוך בײַ פּעטלײַבּיקע איז אַ סך געפֿערלעכער צוליב די אָפּטע א'ען“ פֿגעז, ווילנע 18 '1931 No. “די

דאָזיקע א, [.←. בּ5] איז זייער ווײַטגייענדיק... טראָגט אין זיך אַ געפֿאַר פֿון פּסיכישער לײַכטגעוויכט־שטערונג„, פּ. שניאורסאָן, מענטש־וויסנשאַפֿט I, נ“י אַפּריל 1930 ־עכץ.

־עניש — „מע רעשט און דער טומל שטאַרקט זיך מער און מער, עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך ון אַן א, אָפּגעריסן„, בּ. האָגער, מלכות דוסידו].

אײַנקלעפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנקלעפּן. אַן אײַליקער און אומגעראָטענער א'. א'־בּ ו ך, א,־ה ע פּ ט — אויף אַרײַנצוקלעפֿן אויסשניטן, בילדער אע.

אײַנקלעפּײַען—1. דזוו אײַנקלעפּן. 2. דזוו

אײַנקליעפּען. מיט ז י ך — דזוו אײַנקליפּײַען זיך. „יאַכע האָט זיך אײַנגעקלעפּײַעט און האָט געזאָגט אַז זי נעמט אײַן אַ מיתה משונה, אויב דער שידוך וועט ניט זײַן„, י. בודזאָהן, דער מקח טעות, ווילנע 1927.

איינקלעפּן — טרוו. קלעפּ אײַן, ~געקלעפּט.

--

1. אַרײַנקלעפּן. א, אין אַ בוך אַ פּאָר זײַטלעך וואָס פֿעלן אין מיטן. „מע האָט געניצט קאַוטשוק, צעלאָזענע גומי, אײַנצוקלעפּן די דינע... בױגן פֿון לעדער„, י. בערגער, ייִשפּ י3 ,XX.

*א, מיט פֿיסנע שפּײַעכץ = איר וועגן עפּעס וואָס קלעפּט זיך ניט צו, וואָס איז ניט האַפּטיק.

2. גוט צוקלעפּן. א, די טאַפּעטן פֿון אויבן און פֿון אונטן. א, די מאַרקע זי זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן. א, דעם קאָנווערט. א, די צעבראָכענע וואַזע. 3. אײַנשמירן מיט קלעפּשטאָף. א, די הענט.

מיט ז י ך — די אויגן קלעפּן זיך אײַן פֿון מידקייט. זיך א, אין עמעצנס אָרעמס. „האָט

אײַנקלעקן

זיך די מענטשן־ אַסע מער נאָך אײַנגעפּרעסט,

צונויפֿגעגאָסן און זיך אײַנגעקלעפּט,,, סעג, געבּרענטע טריט. אויך: 1. עמאָציאָנעל שטאַרק זיך צובּינדן. א, זיך אין דעם חבֿר, אין דער חבֿרה. ״טבֿיהס טעכטער אַז זיי קלעפּן זיך אײַן אין אַ מענטשן, איז מיטן גאַנצן לעבּן, מיטן חיות, מיט דער נשמה״, שע, טבֿיה. 2. אײַנעסן זיך. א, זיך אין עמעצן ווי אַ קלעק.

־ונג. ־עכ־ן. ־עניש.

איינקלעקן — טרוו. קלעק אײַן, ~געקלעקט.

-

1. אײַנפֿלעקן. א, דעם טישטעך מיט טינטפֿלעקן. 2. אײַנזאַפּן מיט קלעקפּאַפּיר. א, דאָס פּריש־אָנגעשריבּענע מיט טינט.

איינקלעקסן — טרוו. קלעקס אײַן, ~ גע־־

קלעקסט. אײַנשמירן מיט פֿלעקן פֿון טינט. א, די היימאַרבּעט. מיט ז י ך — זיך א, די פֿינגערלעך. ־עניש.

איינקלערן — קלער אײַן, ~געקלערט. אָטוו

-

— אַרײַנקלערן; אָנהייבּן אין עפּעס מעיין זײַן, אַנאַליזירן. א, אין אַ קאָמפּליצירטער פּראָבּלעם. ״זאָרג זיך ניט, קלער ניט אײַן אין דעם. עס וועט זיך אויספּרעסן,,, רייד (נ,,י). טרוו —

דערקלערן, געבן צו פֿאַרשטיין. א, עמעצן דעם
סדר־העולם. מיט ז י ך — אויך: פֿאַרטראַ טן
זיך. „וואָס האָסטו זיך אַזוי איינגעקלערט אַז
הערסט ניט וואָס מע רעדט צו דיר?“. ־ונג.
־עניש.
איינקלער(עווד)יק — אַדי. נעאָל, סטוטש.
וואָס איז שייך צום איינקלערן (זיך). וואָס מע
קען זיך אין דעם אַריינטראַכטן. וואָס עס קען

קלאָרער ווערן דורכן אַנאַליזירן. די א'ע
אָספּעקטן פֿון אוניווערס ־יקייט.

.

איינקלעשטשען — טרוו ־שטשע איין, ,
גע—
.
קלעשטשעט. אַריינגעמען אין קלעשטשעס.
שטאַרק איינקלעמען, איינקוועטשן. א, דעם
שטאַנג. א, עמעצן ווי מיט צוואַנגען. מיט
ז י ך.
איינקנאָבלען — טרוו. ־בל איין, ~געקנאָבלט.
1. איינרייַבן, אָנרייַבן מיט קנאָבל. א, אַ שטיקל
ברויט. א, דעם צונג. 2. אַריינטאָן קנאָבל
ביים צוגרייטן אַ שפּייז. „מע קנאָבלט עס
איין — אַ ציבלקע — טויזנט טעם„, פֿ. בימקאָ,

גנ▯יס.

אײַנקנאָדערן — טרוו. ־ער אײַן, ▯י.,
געקנאָדערט. פּפ̄: ~קנוידערן. מאַכן עס זאָל
זײַן (אויסזען) צעקנאָדערט, שטאַרק צעקנייטשט.
א אַ מלבוש.

אײַנקנוילן — טרוו. קנויל אײַן, ~געקנוילט.
אײַנדרייען אין אַ קנויל. א, פֿאָדעם. א, די
קאָלדרע און זי אַרײַנשטופּן אין רוקזאַק. א, די
מאַרינאַרקע מע זאָל זי ניט קענען אָנטאָן. ״ער
וויל פֿאַררייכערן [דעם פּאַפּיראָס] אַזוי טיף,
...
דער רויך זאָל א, די באָרד״, מ. י. שעליובסקי,
איק, פּסח תשי״ח.
מיט ז י ך — א, זיך פֿון ווייטיק. „האָט זיך
אַזוי אײַנגעטוליעט אין קאָלדרע, זיך אַזוי
אײַנגעקנוילט אַז מע זעט אים גאָרנישט אַרויס,„
ייִז, פּערל.

1219

אײַנקנופּן — טרוו. קנופּ אײַן, ~געקנופּט.
פּפ̄: ~קניפּן. אײַנבינדן מיט אַ קנופּ.
צובינדן פֿאַרבינדן מיט אַ קנופּ. איבערבינדן מיט

אַ שטריק און אַ. דאָס פּעקל. א, דעם שטריק.

אײַנקנורע(נע)ן — טרוו. ־רע אײַן, ~ געקנורעט. זאַמעט. אַרײַנרוקן, אַרײַנלייגן, אַרײַנפּאַקן אין עפּעס וואָס איז ווייך אָדער וואַרעם. אַ קינד קנורעט אײַן דאָס קעפּל אין דער מאַמעס שויס. א, דעם קאָפּ און ניט וועלן זען די סכּנות. מיט ן י ך — זיך א, אין אַ פּערענע. „איר קנורעט זיך אײַן אין קישן, און בּיז די פֿיס לייגן זיך אַוועק — שלאָפֿן שוין די אויגן“, טמז, I 19□8 12.

אײַנקניהנען — [... קאַ'ניענען] טרוו. קניה אײַן, ~געקניהט. אײַנהאַנדלען, אײַנקויפֿן (וועגן אַ מציאה אָדער ווען מע צאָלט איבּער). א, סחורה בּחצי־חינם. פֿרגל ~קנינען.

אײַנקנייטשן — טרוו. קנייטש אײַן, □.־,

געקנייטשט. 1. מאַכן קנייטשן. אַ בּיסל צעקנייטשן. א, די קליידער. „ער קנייטשט אײַן דאָס פּאַפּירגעלט צווישן די פֿינגער„, ש. אַלעק, אין אָנגלי, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932. *א, דעם שטערן = א) זיך פֿאַרטראַכטן; בּ) זײַן דורכגענומען פֿון זאָרג. 2. אײַנבּייגן. אײַנפֿאַלדעווען און צונויפֿלייגן. א אַן אָפּגעדרוקטן בויגן.

א, די בּראָשור. 3. אַרײַנפּרעסן. א, אַ בּרייטל
אויף איין מאָל.

מיט ז י ך — א, זיך פֿון אַלטקייט. □דער
ווײַצניעריקער שטערן קנייטשט זיך אײַן פֿאַר
צער,,, פּרץ, 'דאָס זיבּעטע בּענטש־ליכטל'. ,,ער
קנייטשט זיך דאָרט אײַן ווי אַ קנויל, און
בּאַהאַלט זיך פֿון דער גאַנצער וועלט,,, אַר, 'אין
סאָד'. אויך: אַרויסווײַזן אומצופֿרידנקייט.
,,אַז מע דערמאַנט אים געבּן אויף צדקה,
קנייטשט ער זיך אײַן,,. ־ונג. ־עכ□ן.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

אײַנקנײַלכלען — טרוו. ־כּל אײַן, ~
געקנײַלכלט. אײַנדרייען אין אַ קנײַלבל. פֿרגל
אײַנקנוילן. א, פֿאָדעם.

איינקנייפּן — טרוו. קנײַפּ אײַן, ~געקנײַפּט
-- □ -

& ~געקניפּן. אײַנקלעמען, אײַנשטשעמען
(מיט די פֿינגער). א, אין בּעקל ווי אַן
אַרויסווײַז פֿון ליבּשאַפֿט. א, אין אָרעם און
איבּערלאָזן אַ בּלויען צייכן, אַ סיניאַק. א, דעם לאַבּן
בּרויט און אַרויסקריגן דאָס ווייכע. מיט
ז י ך — ,,די הונגעריקע קינדער קנײַפּן זיך

אײַן אין דעם ברויט". ־עניש. ~קנײַפּ,
דער.
אײנקנילן — טרוו. קניל אײַן, ~געקנילט.
-
1. אײַנקנײטשן, צעקנײטשן. א, די פּאַפּירלעך.
א, דאָס טיכל. 2. אײַנטרעטן אין בלאָטע.
אײַנקוועטשן. דרײזין.
אײנקנינען — [... קי'ניענען] טרוו. קנין אײַן,

-
~געקנינט. אײַנקויפֿן עפּעס וואָס איז אַ
גאַנצער קנין (מיט ביטול). א, הײַזער און
ברײַזער און לסוף בדלות ווערן. א, אַ מיל וואָס
מאָלט ניט. פֿרגל ~קניהנען.
אײַנקניפּלען — טרוו. ־פּל אײַן, ~געקניפּלט.

א ײַן קנעפּל
1. דזוו אײַנקניפּן, אײַנקנופּן. אָבער נאָר מיט
אַ קניפּל, ניט קײן קנופּ. א, דעם פֿאָדעם נאָכן
אַרײַנציִען אים אין נאָדל. 2. באַהאַלטן,
אויפֿהיטן אין אַ קניפּל. א, יעדע וואָך כאָטש אַ רובל
פֿון דעם געלט וואָס דער מאַן גיט אויף הוצאָות.

3 פֿאַרדרייען פֿאַרפּלאָנטערן. אַזוי א אַן עסק
 . ,
מע זאָל ניט קענען אַרויסקריכן.
אײַנקניפּן — טרוו. קניפּ אײַן, ~געקניפּט.
דזוו אײַנקנופּן. אויך אין לד פֿאַרבינדן מיט אַ
.
קנופּ. צובינדן, אײַנבינדן, איבערוויקלען.
אײַנהעפֿטן. צונויפֿהעפֿטן. א, מיט אַ צוויקערל. „און,
ער קניפּפֿט אײַן שטאַרקי אײַזרני קעטן צווישן
די הערנר דיז ווידרשׂ...“, יוסיפֿון, אַמשט
1661, רלה. „פֿר צײַטן האבן די חסידים און
צדיקים געלט אין אירי רעק אודר אין אירי
מענטל הינטן אײַן גיקניפּט“, לט 1, מו/ב. „און,
דוא, יחזקאל, זאָלשׂט נעמן פֿון די האָר איין
וויניג... און, זאָלשׂט זיא אײַן קניפֿן אין דײַן
עק קלייד„, סהמ, יחזקאל, ה, 3. מיט ז י ך —
“מען האָט געוואָלט ממשיך זײַן דורך א, זיך
אין דער פֿאַרמלחמהדיקער ייִדישער
קולטוראַנטוויקלונג“, מוו, ייִשפּ XIX, 2 ־ונג.
.
אײַנקנעטן — טרוו. קנעט אײַן, ,געקנאָטן,
~געקנעטן [פּד, לאַנגע ע], ~געקנעט. 1.
פֿאַרקנעטן. א, אַ געבעקסל ברויט. „מיר האָבן דאָ
געוועבט, געשפּונען..., אײַנגעקנאָטן... דעם

אַלטן ניגון פֿון אונדזער שטאַם“, א.
שומיאַטשער, לידער. 2. אַרײַנקנעטן. אַרײַנמישן,
צוגעבן עפּעס (בכּיוון אָדער צופֿעליק) בײַם
פּראָצעס פֿון פֿאַרקנעטן אָדער בײַם
איבערקנעטן. א, שטרוי אין ליים. א, ראָזשינקעס אין
טייג. „האָט געזומען אַ שטיק טייג, אין די
טייג האָט ער אײַנגעקנעטן שטיקער גלאָז און
פעך און האָר און סם„, שמי„ר, מע ה פֿון
פֿרומען ר, טוביה..., וואַרשע 1901. 3.
אײַנפּרעסן, אײַנדריקן. א, די זאַכן אין שופֿלאָד.
מיט ז י ך — „אַזאַ פּאַשע טויג ניט פֿאַר
בהמות, זיי וועלן זיך א, אין בלאָטעס און אין
זומפּן און וועלן ניט קענען אַרויסקריכן“, יק.
־ונג. —עכץ. ־עניש.
אײַנקנעלן — טרוו. קנעל אײַן, ~געקנעלט.
1. אײַנלערנען מיט אָנשטרענגונג, מיט אַ סך
איבערחזרונגען. א, מ י ט אַ דרדקי־ייִנגל דעם
אַלף־בית. א, די סדרה. א אַן אויסריידעניש.
,
א, כעמישע פֿאָרמלען. *א, (אויך לערנען) מיט
עמעצן בלק = זיך נוקם זײַן, זיך אָפּרעכענען
מיט אים. 2. אַרײַנהאַקן אין קאָפּ אַרײַן.
פּראָפּאַגאַנדירן, איר. אַגיטירן. א, מיט דער
יוגנט די נײַע 'תּורה„. א, אַ וואַזשנע „תּורה'.

א אַ מיינונג ביז זי ווערט אַן איבערצײַגונג.

,

,,אין ירושלים האַלט מען מיט זיי [די
דעלעגאַטח אין א, די עליה־תּורה,,, טמז, 14 1965 I.
מיט ז י ך — זיך פֿעסט אײַנרעדן —ונג.

.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איין קנעפּל — מיט ז ײַ ן אָדער ו ו ע ר ן.
זײַן אָדער ווערן מיט עמעצן אַ נאָענטער מענטש,
אַ חבֿר. ווייניקער ווי — זײַן (ווערן) קנעפּל
שבּקנעפּל. ,,בלייַבט שלמה המלך מיט דעם

אײַנקעטשקען

אַשמדאי אַליין. ווערט ער מיט אים א, ק,: צוויי
חכמים ריידן מיטאַנאַנדער חכמות", ד. י.
זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען II, ווין
.1931
איינקעטשקען — טרוו קעטשקע אײַן, ~
גע־־
קעטשקעט. 1. דזוו אײַנקאָשקען, אײַנקאָסקען
(←). 2. דזוו אײַנקאָטשקען, ~קוטשקען.
איינקעכטסן — פּר. דזוו אײַנקאָכן, בב 1־2.

-

איינקעכלען — טרוו ־כל איַן, ~געקעכלט.

—
.

1. מיט קעכלען, מיט געבֿן גוטע שפּײַז און צאַרטן אַרומגיין אַרום עמעצן, אים שטאַרקער, געזינטער מאַכן. א, דעם קראַנקן, אים שטעלן אויף די פֿיס. 2. צוגעוואוינען צו ווערן געקעכלט. א, דעם איידעם, ער זאָל גאָרניט וועלן אַרײַנלייגן די האַנט אין קאַלט וואַסער. ־עניש.

איינקעלזעווען — טרוו ־זעווע איַן, ,

געקעלזעוועט. a[kie:<. פֿירן אַ פֿערד מיט אַ צוים. אָנטאָן אַ צוים אויף אַ פֿערד. "... בײַ די פֿויעדים איז ניט אײַנגעפֿירט אײַנצוקעלזעווען דעם פֿערד... מיט אַ צוים", צי ניסן גאָלאָמבֿ, די בורזשואַזיע, וואַרשע .190

איינקעלטן — טרוו. קעלט איַן, י.,געקעלט.

-

אויך: ...,קעלטערן. מאַכן קאַלט, קעלטער. א, דאָס וואַסער אין אײַזקאַסטן פֿרוכטזופּ

. ,,

האָט אַ טעם נאָר ווען מע קעלט זי איַן". אויך

מיט ז י ך — זיך א, אין דרויסן. ־ונג.
איינקעלע־בּיינקעלע — קינדערשפּיל. מע
וואַרפֿט אין אַ גריבּל אָדער אין אַ היטל ניסלעך,
קנעפֿלעך, שטיינדלעך אע; יעדער שפּילער
וואַרפֿט צו דרײַ (אָדער צוויי) פֿון די זעלבּיקע
זאַכן, און אַלע דרײַ (אָדער צוויי אָדער איינע
פֿון די זאַכן — אָדער ווי עס לוינט) דאַרף
אַרײַנפֿאַלן אין גריבּל (אָדער היטל). דאָס
געווינען איז אָפּהענגיק פֿון דעם צי עס ווערט
דאָרטן אַ גראָדע אָדער אומגראָדע צאָל.
איינקעלערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געקעלערט.
-
אַרײַנלייגן, אַרײַנטאָן אין קעלער. א, אויף
ווינטער די קאַרטאָפֿל. זומער א, קוואַס.
איינקעמען — טרוו. קעם אײַן, ,געקעמט.

דזוו אײַנקאַמען ←. א, די פֿריזור. א, פֿלאַקס.
מיט ז י ך — זיך א, די האָר. ־ונג. ־עכץ.
־עניש.
איינקעמערלדיק — אַדי. וואָס בּאַשטייט
פֿון איין קעמערל, איין צעלטל. א'ע בּעלי־חיים.
א'ע אַמעבּעס, אינפֿוזאָריעס.
אײַנקענטיקן — טרוו. ־טיק אײַן, י־,

געקענטיקט. מאַכן אַ סימן אויף צו דערקענען.
מאַכן אַ צייכן, עס זאָל זײַן קאָנטיק. א, די
גאַס: אויפֿן ראָג איז אַן אַפּטייק־געשעפֿט. א,
יעדער מיידעלע פֿון צווילינג מיט קליידלעך פֿון
אַנדערע קאָלירן. געוויינלעך מיט ז י ך —
זיך א, דאָס הויז, דעם פֿאַרשוין אאַזוו. „ער
קענטיקט זיך אײַן די לשונות פֿון
אויפֿגעוואַכטע שבֿטים“, י. מאַניק 'מלאך מכאל'.
איינקעסטלען — טרוו ־טל אײַן, ~
גע— .
קעסטלט. אַרײַננעמען, אַרײַנלייגן אין אַ
קעסטל. א, צירונג. „איז אונדז דערווידער דאָס

1

א אַ זאַץ אין אַ זאַץ, און אין יענעם זאַץ נאָך
,
אַ זאַצעלע“ [ווי אין דײַטש], מוו, ייִשפּ 4 ,II.
איינקעפּיק — אדי. וואָס איז מיט איין קאָפּ.
„דערנאָך אַ פֿאָן מיט אַ ווײַסן א'ן אָדלער“,
ווײַס, אַ שטעטל.
איינקער — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-

— א'הויז .'א אומגעריכטער אַן .אײַנקערן ון
אייגענע אַן געהאַט האָט ער" .אַכסניא
,דיבוק דער ,"א'הויז אַן דערצו נאָך און פֿערדסמיל
איז בדרך הולך ווער„ .1899 לעמבערג
צו זײַן צו נזהר ברויך ,שבת ערבֿ אונטערוועגנס
טאָג גרויסער ווען נאָך א'הויז דעם אין קומען
אונגוואַר עולם הליכות ,ברודא .א הר ,"איז
.18 4
,אײַן קער .טרוו [פּד אין ע לאַנגע] — איינקערן
--
,בעזעם אַ מיט אײַנרייניקן .1 .געקערט~
.חדרים אַלע א .שטוב די ,א אע באַרשט
,
עס און מיסט דאָס ,א .צונויפֿקערן .2
.שופֿל אויפֿן אַרויסטראָגן
,אײַך בעט איך„ .'סור' פֿאַר טוו .1 — אוטוו
פֿון הויז אין ['סורו'] אײַן קערט ,האַרן מײַנע
וועלן מיר„ .2 ,יט ,בראשית ,תּי ,„קנעכט אײַער
,„פֿרעמדע פֿון שטאָט אַ אין [נסור לא] ,א ניט
.12 ,יט ,שופֿטים ,תּי
אָנקומען און וועג פֿון (פֿאַרקערעווען .2
,א .צײַט קורצע אַ הויז אַ אין אײַנשטיין און
ווען" .איבערנעכטיקן דאָרטן און קרובֿ אַ צו

ער דען שבת טוט זעלבשט ערין, אַזו טוט
הקב,,ה מיט דיא גוטי מלאָכים בײַא אים אײַן
קערין", אַריה־לייב בר, יהודה זעליגמאַן, תקוני
המועדים ￼ יורדא 1729. "זיי זײַנען אַנגעקומען
,
אין איין טאָג אין דער שטאָט און האַבן
אײַנגעקערט אין אַ גאַסטהויז", קמ, 27 l868, No.
,,אײַנגעקערט לבית ר, עוזר, זאָל מיך
וויינקסטנס קאָסט־קוואַרטיר ניכט קאָסטן,,, ווז,
בריוו [פּש II].

3. זײַן אַן אײַנגייער. קומען צו גאַסט. ,,אַ
יונגערמאַן וואָס פּלעגט אײַנצוקערן צו אים
אַלע צוויי־דרײַ וואָכן", אמד.

4. אַרײַנקומען צו זײַן אַ ווײַלע פּלעגט
,, .
דער ￼אַנצער פּובּליקום... א, בײַ ר, מרדבי
טראָצקי אין דער לאָדאָונע, און עס וואַר דאָרטן
געטרונקען", אמד, יהודית די צווייטע, ווילנע
l875. "ניט יעדער יונגער הער וואַס קערט אײַן
אין אַ ווײַנהאַנדל...", ליאָנדאָר, נײַער בש,
ווילנע 1887.

מיט ז י ך — 1. צוריקקערן זיך. ,,די הײַזער
זײַנען געוואָרן מיט נײַע מזוזות באַזעצט און
דער פֿרידן האָט זיך צוריק אײַנגעקערט אין

דער שטאָט“, א▯ד, די צוריקגעקאָמענע ליעבּע
ווילנע 1894.   2. אײַנפּאָרען זיך, פּאַרטיק
ווערן. זיך ספּראַווען. „חבֿרה האָבּן זיך
אײַנגעקערט און מע האָט דערווײַלע אַרויסגעפּירט
די סחורה“, בּ א זאַבּיעזענסקי, די שווערע
צײַט II, וואַרשע 1887. „מלאָכה האָט אָנגעהויבּן
צוצוקומען... איך האָבּ מיר אַליין ניט
געקענט א, און האָבּ צוגענומען אַ פּוֹעל מיט אַ
פּאָר לערנייִנגלעך„, די מע▯ה פֿון פּיער בּרידער,
וואַרשע 1906. „מורדים בּמלכות... קען זיך

אײַנקרומען

די מלוכה ניט א, מיט אַלעמען“, הרבֿ שמואל
קלונימום אייזינבּוד..., אמרי שמואל III,
וואַרשע 1912. ־ונג. ־עכ▯ן. ־עניש.
אײַנקערעווען — דזוו אײַנקירעווען ←.
אײַנקערפּערן — טרוו. ־ער אײַן, ▯י.,
געקערפּערט. 1. אײַנגלידערן. אײַנלײַבּן.
אינקאָרפּאָרירן. א, אַ שול אין אַ שול־סיסטעם. 2.
צוגעבּן אַ קערפּערלעכע פּאָרעם. א, אַן אידייע
אין אַ מאָדערנער אַבּסטראַקטער צייכענונג.
מיט ז י ך — „ווען מיר ווען גיין אַ טריט

נענטער צו אונדזער לאַנד, וועט אונדזער לאַנד
לויפֿן צען טריט נענטער צו אונדז... ווי גיך
זיי וועלן זיך א"", ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן,
המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. ־ונג —
"א, פֿון די אַפֿריקאַנער לענדער אין דעם...
בלאָק,,, טמז 7 1962 XII.
איינקערקערן — טרוו. ־ער איַן, ~
גערקער ־
קערט. דטשמ. נר. אַרעסטירן, איַנזעצן אין
תּפֿיסה. א, דעם מענטשלעכן גיַסט. "מע
פֿרובירט שיסן, הענגען, א, פֿאַריאָגן די מענטשן
,
וואָס ווילן דעם פֿאָלק עפֿענען די אויגן",
ווינטש, דאָס ניַע לעבען, נ,,י אָקט, 1910.
איינקעשן — טרוו. קעש איַן, ~געקעשט. אַמ.
-
]o cas : . איַנבײַטן אויף מזומנים. א,
אַ טשעק.
איינקראַטע(ווע)ן — טרוו. קראַטע(ווע) איַן,
--
י.,געקראַטע(ווע)ט. פּפֿ: ~גראַטעווען.
מאַכן קראַטעס אַרום עפֿעס. א, די פֿענצטער,
מע זאָל ניט קענען זיך אַריַנברעכן. 2.

אַרײַנשטעלן עפּעס הינטער קראַטעס. א, די עופות, די קיניגלעך.
אײַנקראַך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנקראַכן. אַן א, ווי אַ דונער פֿון הימל.
אײַנקראָכמאַ'ל(י)ע(ווע)ן — טרוו. ־ל(י)ע(ווע) אײַן, ~(גע)קראָכמאַל(י)ע(ווע)ט. אײַנשטײַפֿן (בײַם וואַשן) מיט (אין) קראָכמאַל. א, וועש. א, די לײַלעכער, די אייבערהעמדער, די בלוזקע.
אײַנקראַכן — אוטוו. קראַך אײַן, ־,געקראַכט. אײַנפֿאַלן מיט אַ קראַך. די ווענט קראַכן אײַן.
אײַנקראַנצן — טרוו. קראַנץ אײַן, ~ געקראַנצט. אַרומנעמען מיט אַ קראַנץ. אײַנצירן מיט אַ קראַנץ, מיט קרענץ. א, דעם קאָפּ. א, דאָס בילד פֿון יובילאַר.
איינקראַצן — טרוו. קראַץ אײַן, ~געקראַצט.
-
1. אײַנגראַבלען. מיט די נעגל אָדער מיט אַ שאַרפֿן מכשיר מאַכן אַ קליינע, ענגלעכע וואונד אין הויט. א, דאָס פּנים, די הענט אאַזוו.
2. אײַנקריצן. מאַכן אַ לענגלעכן צייכן אין עפּעס. ״ווען מע דאַרף אויסנוטעווען קווערהאָלץ, דאַרף מען פֿריִער די ברייט פֿון נוט א, מיט

אַ... דלאָט,,, בער. 3. אײַנגראַווירן. א, דעם
נאָמען און די דאַטע. מיט ז י ך. ־ונג.
־עכץ. ־עניש.
איינקרומען — טרוו. קרום אײַן, ־י,,געקרומט.
--

אײַנקריגן

פּפֿ: ~קרימען. מאַכן (אַ ביסל) קרום. א,
אַ ליניע. א אַ ריכטיקן פֿאָרשלאָג. מיט ז י ך.
,
־ונג.
איינקריגן — טרוו. קריג אײַן, ~געקראָגן
-
[לד], ~געקריגן [פּד]. 1. אַרײַנקריגן. ,לייזן'.
א, פּעטש, באַליידיקונגען. ,,האָט מען מיט
קידוש־השם איבערגעטראַכט דערפֿון וואָס מע
האָט אַלץ אײַנגעקריגן יענעם טאָג,,, עוזר
וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע, פּאַריז 2 1924, No.
2. צעקריגן. א, די שוויגער מיט דער שנור.
איינקריידן — טרוו. קרײַד אײַן, ~געקרײַדט.
- --
אײַנשמירן מיט קרײַד. אָנצייכענען מיט קרײַד.
א, שטאָף פֿאַרן צושנײַדן. א, די שוואַרצע

פֿלעקן אויף די ווענט. אויך מיט ז י ך.
איינקרייזלען — טרוו. ־זל אײַן, ~געקרײַזלט.
־ ־
מאַכן עס זאָל זײַן מיט קרײַזלעך. א, די האָר.
מיט ז י ך.
איינקרייזן — טרוו. קרײַז אײַן, □י.,געקרײַזט.
□ ־ □
אַרײַננעמען אין אַ קרײַז. אַרומנעמען מיט אַ
קרײַז. א, אַ טייל פֿון דער מאַפּע. □, די
וויכטיקסטע ציפֿערן. מיט ז י ך. ־ונג.
איינקריליען זיך — אוטוו ־ליע זיך אײַן, זיך
— .
~געקריליעט. אוקר. קיניגל = □נ□i□]□נ: □ □ <.
אײַנציִען זיך, אײַנדרייען זיך, אײַנקאָרטשען
זיך ווי אַ קיניגל, אַ קראָליק. א, זיך אויף דער
קאַנאַפּע מיט די פֿיס אונטער זיך.
איינקרימען — טרוו. קרים אײַן, □י'געקרימט.
־
פֿרגל: ~קרומען. 1. מאַכן קרום.
אויסקרימען. א, דעם נאָגל און ניט קענען
אַרײַנקלאַפּן אים אין וואַנט. א, די ליניע. 2. מאַכן

-

פֿאַרקרימט. א, דאָס זויערע פּנים. מיט ז י ך.

—ונג. ־עניש.

איינקריץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

-

פֿון אײַנקריצן. אַ שאַרפֿער א'. „... דעם א,

פֿון אײער מוֹראדיקער חרפּה“, ייִש, איק, ר„ה

תש“ך.

איינקריצלען

— טרוו ־צל אײַן, ..„געקריצלט.

—

.

דזוו אײַנקריצן. ־ונג — „גלײַך אַזוי ווי די

א, פֿון אַ זיגלרינג„, חחת, שמות, לט, 1.

אײַנקריצן — טרוו. קריץ אײַן, ~געקריצט.

--

1. מאַכן אַן אײַנשניט, אַן אײַנטיפֿונג.

אײַנקאַרבן, אײַנגראַווירן. א, אותיות אויף (אין) אַ

שטיין. א, אַ מאָנאָגראַם אויף אַ פֿינגערל. א,

תּ'נ'צ'ב'ה, אויף אַ מצבֿה. „צעבראָכן ווערן האָט

געקאָנט דער שטיין, אָבער ניט די ווערטער,

וועלכע אײַנגעקריצט האָט אין אים דער

אצבעאלקים אַליין„, פֿרוג 20' ,Iסטער פֿעברואַר..

2. מאַכן יעדער מין סימן (אויך מיט
אויסשנײַדן, אויסברענען אע). א, אויפֿן שטערן פֿון
די בהמות אַ צייכן.

3. מאַכן אומפֿאַרגעסלעך. גוט אײַנלערנען.
א, די אמונה אין אַחדות אלקות. א, אין קאָפּ
דעם רעיון אַז.... „מיר האָבן די קדושה פֿון
די זעקס מיליאָן אײַנגעקריצט מיט אונדזער
בלוט אויף דור־דורות,,. “טוט די ווערטער א,
אין אײַערע הערצער“, אַש, משה. *א, אין
זכרון, אין די געדאַנקען = פֿאַרגעדענקען.
מיט ז י ך — א, זיך אין זכרון, אין זינען,

1

אין די געדאַנקען. אַן עפּיזאָד קריצט זיך אײַן
אין זכרון. „אַ ייִד דאַרף גלייבן — האָט ער
גענומען א, זיך אין קאָפּ“, ייִז, יאָשע קאַלב. „טיף
אין זכרון האָט זיך מיר אײַנגעקריצט דאָס
בילד“, זשיט ‎I‏, נ„י 1912. „אין קינדערשן מוח
האָט זיך אײַנגעקריצט יעדער תּנועה פֿון יעדן
באַזונדער“, לדב, נ“י תּשי“ז, 210. „אויב דער
פֿרעמדער קערפּער איז אַ שאַרפֿער און האָט
זיך אײַנגעקריצט אין אויגנהײַטל...“, פֿגעז,
פֿאַריז 4 1950, No־5.

־ונג — "וואָס שטאַרקער און טיפּער עס איז
די א'... אַלץ גרינגער קען מען זיך דערמאַנען
אָן דער איבערלעבונג" פּגעז, ווילנע 1932,
,
No 22. ,,די הויט... האָט סודות און א'ען אין
דער בחינה פּון שטערן און מזלות", חג, 'דער
שטומער מנין'.
־עכ ן. ־עניש. —ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
איינקרעמלען — טרוו ־מל אײַן, ~
געקרע ־
מלט. אַרײַננעמען אין קרעמל. ,,איך דאַרף
א, אויך פּאַפּיראָסן און טאַבעק, דאַרף מען
אָבער אַן אַנדער פּאַטענט", רייד (שאַוול, ליטע).
איינקרעמפירן — טרוו ־פּיר אײַן, ~
גע—
קרעמפירט. פר. אײַנצוימען. אײַנדריקן.
אײַנקוועטשן. אײַנקרעמפּ(עווע)ן. א, סחורה אין
באַלן. א, אימעצן. מיט ז י ך — ,,דו קרעמפּירסט
דיך אַליין אײַן אין אַזאַ לאַגע,,, רייד (לאָדזש).
־ונג.
איינקרעמפּ(עווע)ן — טרוו. קרעמפּ(עווע)
־
אײַן, ~געקרעמפּ(עווע)ט. 1. שטאַרק

אײַנבינדן, אײַנדרייען, אײַנפֿעסטיקן מיט שטריק אע. א, די שיפֿלעך מיט קאַנאַטן. „[דער רבי] האָט אײַנגעקרעמפּעוועט דעם של־יד אויף דער לינקער האַנט אַז די פֿינגער האָבן זיך אָנגעגאָסן און געוואָרן בלוי“, שע, פֿונעס יאַריד. „און האָב איך ניט מײַן יוגנט־ברוסט אין חושן און אין אפֿוד אײַנגעקרעמפּט?“, יהואָש, 'הורקנוס'. “האָב איך אַזוי אײַנגעקרעמפּעוועט די פּאָדעשוועס אַז מײַנע שקראַבעס האָבן באַקומען אַ מענטשלעך אויסזען„, מ. קאַבריאַנסקי, סאָוו, הײמלאַנד, 1 1963, No.

2. צובינדן. אײַנשטאַרקן. אײַנמאָצעווען. אײַנציִען. א, דעם פּאַסיק. “זי קרעמפּעוועט עס [דאָס קינד] אײַן, און אַז עס שרײַט, און זי וויל שלאָפֿן, פֿאַרשטופּט זי דעם קינד דאָס מויל מיט דער ברוסט און אין שלאָף ווערט עס זאַדישעט„, שע, ייִפּאָל, 22 l884, No.

3. אײַנדריקן. אײַנקלעמען. אײַנשטשעמען. א, דעם פֿוס צווישן קלעצער. „דער ווייטיק איז געווען אַזוי גרויס, זיך געצויגן אַזוי לאַנ , זי אײַנגעקרעמפּט ווי מיט אײַזערנע רייפֿן„, אָפּאַ, 'לילי'. 4. ספּעצ. פֿעסטער און געדיכטער מאַכן היימיש געוועבטן שטאָף. א, די וואָלענע טיכער.

מיט ז י ך. ~קרעמפּונג. ~
קרעמפּעניש.
איינקרענקען — קרענק אײַן, ~געקרענקט.
-
אוטוו — קרענקען אַ לענגערע צײַט. א, דעם

אײַנראַמען

גאַנצן ווינטער [אַקוז פֿון צײַט]. טרוו
פֿאַר .
קרענקען. א, אַלע אָפּשפּאָרונגען.
איינקרעסן — טרוו. קרעפּ אײַן, ~געקרעפּט.
-
ארכ. אָנשטאָפּן. אַרײַנפּאַקן. „און אים די
תּורה איין קרעפּן אַז וויא דער אָקשׂ מוז דען
יאָך פֿון די משׂא שלעפּן“, עיון, סד/ב.
איינקרעפּטי — טרוו ־טיק אײַן, ~
געקן .

-
קרעפּטיקט. מאַכן שטאַרק(ער), קרעפּטיק(ער).
א, דעם אָקעוויט. א, דעם שוואַכן. א, די

פֿאַרטיידיקונג. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
איינקרעציקן — טרוו ־ציק אײַן, י.,
געקרע—
ציקט. מאַכן עס זאָל זײַן (ווערן) קרעציק.
מיט ז י ך.
איינראַבירן — טרוו ־ביר אײַן, ~געראַבירט.
—
פּפֿ: ~ראַבעווען. אַרײַנקריגן דורך
ראַבירן. צונויפֿראַבירן. א, גאַנצע אוֹצרות ־ונג.
.
איינראַבליע(ווע)ן
— ← אײַנגראַבליע(ווע)ן.
-
איינראַדירן — טרוו. ־דיר אײַן, ~געראַדירט.
--
1. אײַנקריצן, אײַנגראַווירן. א, די איניציאַלן.
2. אַ ביסל אויסמעקן, אויסרײַבן. א, די
איבעריקע שטריכן. ־ונג.
איינראַדען זיך — אוטוו. ראַדע זיך אײַן, זיך
-
י.,געראַדעט. אוקר. זיך אײַנאָרדענען. זיך
געבן אַן עצה אין אַ שלעכטער סיטואַציע.
"ישׂראל האָט דאָרט אין טורמע זיך

איינגעראַדעט. ער אַרבעט אין פּעקאַרניע", בריוו.
איינראַז(י)ען — טרוו ־ז(י)ע איין, ~
גערא—
ז(י)עט. 1. דזוו אײַנזאַראַזען ←. 2.
צעקראַצן, צערייצן (וועגן אַ וואונד), אוקר. ,,ער
האָט איינגעראַזעט דעם פינגער, האָט דאָס בלוט
ווידער געגומען גיין,,, נ. הײַקין, יידישע
קולטור, נ"י 3 .7 1962, No. אומפּ. דענערווירן.
עס ראַזיעט מיך אײַן.
איינראַזירן — דזוו אײַנגאָלן.
-
אײַנראַטשקע(ווע)ן זיך—אוטוו. ־קע(ווע)
זיך אײַן, זיך ~געראַטשקע(ווע)ט. אוקר
פּאַר.
קריכן אין אַ זײַט, אין אַ ווינקעלע, און דאָרטן
זיך אײַנמאָסטען (נאָר וועגן אַ קינד וואָס
קריכט אַרום, וועגן שטובּיקע בעלי־חיים). ,,זע
ווי דאָס קעצעלע האָט זיך איינגעראַטשקעוועט
אונטערן שטול", רייד (וויניצע).
איינראַ אָנירן — טרוו. ־ניר אײַן, ~
ראַיאָי
--

נירט. אײַנטײלן אין ראַיאָנען. א, דאָס שטעטל
צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַרומיקע דערפֿער, כּדי
עס זאָל ניט זײַן קיין ייִדישע מערהייט.
איינראָיען — ← אײַנריִען.
-

איינראָלן
— טרוו. ראָל אײַן, ~געראָלט.
-.
1. אײַנוויקלען, אַרומוויקלען. א, אַ טײַערע זאַך
אין זײַדפּאַפּיר. 2. אײַנקײַקלען. אײַנדרייען,
צונויפֿדרייען. א, די מגילה.
איינראָם — דער, ־ען. דאָס וואָס עס דינט
-

אײַנצוראַמען. גערעם. אַן א, פֿאַר אַ גרויסן
בּילד. „זנבֿים מרדיר ומרדיר בּהילש אונטן
איין רום איז אָסור לכּל אונ, מוז זיא אפּטרענן“,
תּקנות מלבּושים, פּויזן 1646.
איינראַמען — טרוו. ראַם אײַן, ~געראַמט.
-

פּפֿ: ~רעמען. אַרײַננעמען (ווי) אין אַ

אײַנראַמען

ראַם. א אַ בּילד, אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, אַ דיפּלאָם.

„אַ קרוין אַ ליכטיקע אין אַלע פֿאַרבן האָט אײַנגעראַמט דעם ראַנד פֿון הימל“, סעג, קאַפּריזן, 1921. “אַ שווײַגנדיקער... אײַנגעראַמט דעם קאָפּ צווישן בײדע האַנטפֿלאַכן“, ש. איזבאַן, טמז, 26 1967 X. ־ונג. ־עכ[illegible]ן. ־ער — וואָס זײַן אַרבעט איז אײַנראַמען, מאַכן ראַמען.

איינראַמען, ~ראָמען — טרוו. ראַם (ראָם) ־

אײַן, ~געראַמט (־ראָמט). men[illegible][] :Mhd.

פּפֿ: ~רוימען. 1. זאָגן עפּעס אין דער שטיל, (ווי) אַ סוד. “און אים א, אַ סוד אין אויער“, מרדכי אָסטראַווסקי, אַמענטש אָהן אקאָפּ, 1876. “זאָגט דער בעשט: דו ווערסט קומען אַהיים, ווערסטו אָנטרע[illegible]ן דײַן ווײַב גײט שווער צו קינד... און זאָלסט איר אײַנראָמען אין איר[ע] אויערן, ווערט זי האָבן אין דער גיך“, שבֿחי בעשט. „תּיכּף ווי ער האָט אים דערזען, האָט ער אים אַ וואונק געטאָן... און האָט אים דאָס אײַנגעראָמט אין אויער„, נחב, 'מעשׂה מבן מלך ובן שפֿחה'. „אין דער גמרא הקדושה שטייט: ב[illegible] אַן אשה מעוברת אַז זי האָט באַי

דאַרפֿט ביום־כיפּור צו עסן, האָט מען איר
אײַנגעראַמט אין אויער אַז עס איז הײַנט יום־כּיפּור
איז דאָס קינד געשטעלט געוואָרן", הנהגות
הנשים, ווילנע תר,,ה. 2. אײַנפּוצן,
אײַנרייניקן. אַ ביסל אויפֿראַמען. א, די שטוב.
3. אַרײַננעמען ערגעץ אין אַן אָרדענונג.
אָנשפּאַלטן האָלץ און א, אין קאַמער ־ונג.
.
־עכץ. —עניש.
איינראַנטעווען — טרוו. ־טעווע אײַן, ~

געראַנטעוועט. אײַנהובלעווען אויף אַ
האַלבקײַלעכדיקן אופֿן. א, די דרויסנדיקע ברעטער
פֿון טיש.
איינראַנירן — טרוו ־ניר אײַן, ~געראַנירט.
— -

פֿטמ ארשאפֿן אַ וואונד. א, דעס אָרעם.
. - —
מיט ז י ך.
איינראָסל — טרוו ־סל אײַן, ,געראָסלט.
ען .
--
אײַנלייגן, עס זאָל קריגן אַ זויערן טעם. א,
בוריקעס. א, פֿרישע אוגערקעס אין

צעוואַסערטן עסיק. „האַלט זיך מיט דעם. קענסט עס
א'„ □וול.

,
איינראַפּן — טרוו. ראַפּ איַין, ~געראַפּט. אַרכ.
-.

דזוו □,ראַבּן = ~רויבּן. “דר זיך גיזעלט צו
דען רשעים דר לערנט פֿון זיא געלט איין
זאַמלן אונ געלט איַין ראַפֿן”, לט□, קיב/ב.

איינראַצן — טרוו. ראַץ איַין, □י.,געראַצט.
-

1. מאַכן אַ ראַץ, אַ שנאַרע. א, דאָס נײַע מעבל.
2. איַינקריצן. מיט ז י ך — זיך א, די האַנט.
־ונג — „ס'איז שווער געווען איבערצולייענען
די א'ען אין די טעמפּל־חורבֿות”, מוו, די שוואַר□
צע פּינטעלעך.

איינראָצן — טרוו. ראָץ איַין, ~געראָצט. פּד.
-□

איַינשמוציקן, איַינחזירן, איַינסמאַרקען מיט ראָץ
פֿון נאָז. א, די אַרבל. מיט ז י ך.

איינראָ'שטשינען — טרוו. ־שטשינע איַין,
.□

□י.,געראָשטשינעט. 1. שטעלן ראָשטשינע.

אײַנוויערן טייג. א, ברויט מיטוואָך און
אויסבאַקן דאָנערשטיק. 2 פֿיג. מאַכן ▯ בלאָטע.
.
די רעגנס האָבן אײַנגעראָשטשינעט געדיכטע

1222

בלאָטעס. 3. פֿיג. אונטערנעמען עפּעס אַ
נײַע זאַך. א, אַ געשעפֿט.
איינרגז(ע)נען — [... ראַגזענען] טרוו. רגזן
▯.
(רגזע) אײַן, ~גערגזנט, ~גערגזעט. מאַכן

▯

עמעצן פֿאַר אַ רגזן, אַ כּעסן. „דער שיתּף האָט
מיך אײַנגערגזנט מיט זײַן אומצוטרוי".
איינרואיקן — טרוו ־איק אײַן, ▯ ..„גערואיקט.
▯ -
.
1. דערפֿירן צו אַ צושטאַנד פֿון רו און
אָרדענונג. א, דעם צעיושעטן המון. "א, די
גרויסגעוואָרענע אַפּעטיטן פֿון די אָרטיקע הערשער",
ס. הייליקמאַן, געשיכטע פֿון דער

געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג.. , מאָסקווע 1926. 2.
אײַננעמען מיט גוטן, אײַנשטילן. ״די מאַמע איז
אַלעמאָל געלאָפֿן צום רבֿ זיך אויסוויינען איר
האַרץ, און דער רבֿ האָט זי געטרייסט און
אײַנגערואיקט״, יק. „דער אַלטערס מילדע רייד, איר
קלוגער שמייכל האָט אים אײַנגערואיקט
מיטאַמאָל„, הר, הרודעס. 3. מאַכן עס זאָל
דורכגענומען ווערן מיט רר. „ער קען נאָך
אַלץ ניט א, אין זיך זײַן יום־טובֿדיקייט„, הל,
טמז, 1957 l6 XI. „.... האָט אײַנגערואיקט זײַנע
געדענקטע לאַנדשאַפֿטן אין זכּרון„, יג, תּוך I.
מיט ז י ך — „טרייסטן זי זאָל קענען זיך א'״,
י. ד. טאָיבֿ, דער קדיש..., ווילנע תּרמ„ט.
־ונג. ־ער (־ין).
איינרוגזן — [... רויגעזן] טרוו. רוֹגז אײַן,
-
~גערוֹגזט. אַרויסרופֿן (דערפֿירן צו) רוגז,
(צו) רוגזא. ״ער האָט אים מסתּמא
אײַנגערוֹגזט״, יד, א□ן נגף. „ער וויל אים נישט צו פֿיל
א, מיט שלעבטע ווערטער״, ס. דינגאָל, טאָג,
30 □ l958 III. מיט ז י ך.
איינרודעווען — טרוו ־דעווע אײַן, ~
גערו—־ .
דעוועט. סל. 1. אײַנטרייסלען, אײַנשאָקלען.

א אַ פֿעסל מיט זויערע אוגערקעס. „
מאַריניר,
טע פֿיש רודעוועט מען נישט אײַן“. 2.
צערודערן. אַרײַנבֿרענגען אין אַ צושטאַנד פֿון
טרמל, פֿון זײַן אויפֿגערעגט. א, דעם עולם
מיט העצערישע רייד.

איינרודפֿן — [... רוידעפֿן] טרוו. רודף אײַן,
--

„..גערודפֿט. בײַקומען, ענג מאַכן דורך
רדיפֿות. „מע האָט אונדז גענוג אײַנגערודפֿט ביז
מע האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע“, רייד
(נ“י).
איינרויבן — דזוו אײַנראַבירן.
--

אײַנרויטל — טרוו ־טל אײַן, ..„געררויטלט.
ען .
פֿפֿ: ~רייטלען. מאַכן אַ ביסל רויט. א,
די באַקן. א אַ מיידל מיט קאָמפּלימענטן.
,

אײַנרויכערן — טרוו. ־ער אײַן, ~גערויכערט.
פּפֿ: ~רייכערן. 1. מאַכן עס זאָל זײַן
פֿול מיט רויך. א, די שטוב מיט די סיגאַרן.
2. צוגרייטן שפּײַז מיט דער געדויערדיקער
ווירקונג פֿון רויך, אָבער ניט וויפֿל מע דאַרף
אָדער צו שטאַרק. א, פֿיש און זיי לאָזן
האַלבּרוי. אַזוי א אַ זײַטל שעפּסנפֿלייש מע זאָל
□

ניט קענען עסן.
אײַנרוימען — טרוו. רוים אײַן, □.י.,,גערוימט.

□

□ ־

□. אײַנראַמען, ־ראָמען. [דאָס איז די
פֿאַרשפּרייטסטע פֿאָרעם אין ליטרש.] א, א י ן אָדער

אײַנרוען

א ו י פֿ ן אויער. “ווען אַ סוד זאָל זײַן אַ בּרכה,
וואָלט מען די תּוכחה ניט אײַנגערוימט”, שוו.
,,מען האָט מיר אײַן גירוימט... מגלה בּחשאי

גיוועזן, שטיל בּסוד,,, נצ1, בּמדבּר, ג/ב.
,,דען מזמור האָט גימכט דוד (משׂכּיל). ער
האטשׂ איַין גירוימט דעם מתורגמן, וואו דא
שטיט אין תלים דאשׂ וואָרט משׂכּיל איז דיַיטש
דוד... יענר האטשׂ הוך אוישׂ גשריג[ן]“, סהמ,
תהלים, לבֿ, 1. ,,איַינגערוימט דעם רופֿא אַז עס
איז אומזיסט וואָס מע פּאָרעט זיך מיט איר,,,
אבֿג, דער גלגול, וואַרשע תּרנ"ו. ,,זיי האָבּן
איינע דער אַנדערער איַינגערוימט סודות, אי
אויסגעגאָסן דאָס האַרץ שריַיענדיק אויף אַ קול“,
ממום, מסעות. ,,אַ קוק טאָן צום סאַמאָוואַר,
אים א אַ סוד אויפֿן אויער, ער זאָל פֿאַרזידן“,
,
שע □ון צוויי וועלטן. ,,די שפּין... האָט
שמיי,
כלדיק איַינגערוימט זוניקע קלאַנגען“, סוצ,
געהיימשטאָט.
אויך: אַרכ, זאָגן, ווען קיין זיַיטיקע זיַינען
ניטאָ. “דז זיא זולכי ליַיטן אין אירי אורן איין
רומן אונ, מזהיר זיַין“, תּקק. ,,איין וויַיבּ איין
קליינשׂ — בּוק דיך אונ, רוים איר איַין“,
בּראַנט.
*א, די מיַי ז — זאָגן עפּעס שטיל. ,,דו
רוימסט איַין די מיַיז, איך קען ניט הערן קיין

וואָרט,,. *א, דעם סוד וואָס יהודה האָט
איַינגערוימט תּמרן   פֿאָרלייגן צו האָבן סעקסועלע
▯
באַציאונגען. וויסן וואָס מע וועט א, = זיך
אָנשטויסן אַז מע וועט איר פֿאָרלייגן צו האָבן
סעקסועלע באַציאונגען. א, יענעם סוד.   מיט
ז י ך — קזוו. א, זיך סודות, רכילותן. —עכ▯ן.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
איינרונד(יק)ן — טרוו. רונד(יק) איַין, ~
גע־־
רונד(יק)ט.   מאַכן עס זאָל זײַן מער
קײַלעכדיק. א, די ראַנדן פֿוז טיש. א, דעם קאָפּ פֿון
שטעקן. א, אַ חשבון.   מיט ז י ך — ס'פּנימל
האָט זיך איַינגערונדיקט.
איינרונצלען — טרוו. ־צל איַין, ~גערונצלט.
--
איַינקנייטשן, איַינפֿאַלדן (נאָר וועגן הויט, וועגן
שטערן). ,,דער הימל האָט איַינגערונצלט זײַן
שטערן ווי אַ פֿאַרמעט‘‘, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. ,,ווערן איַינגערונצלט אויף זיי די
הויטן,,, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II. מיט
ז י ך — דער שטערן רונצלט זיך איַין.
איינרוסן — טרוו. רוס איַין, ~גערוסט.

אײַנשמירן מיט סאַזשע. א, דאָס פּנים ווי אַ
קוימענקערער. מיט ז י ך — „אַז איינער רוסט זיך
אײַן דאָס פּנים, איז געגוג אַז מע שטעלט אים
אַ שפּיגל □אַר די אויגן“, קמ, 39 1865, No. *א,
זיך ס'פּנים = אויך: זיך אַליין פֿאַרשאַפֿן אָדער
לײַדן בזיונות. „ער וועט זיך נאָך אומזיסט א,
דאָס פּנים“, ווײַס, 'דור הולך ודור בא'. „האָבן
זיך איבערגעטאָן פֿאַר אַלטע ווײַבער, זיך
אײַנגערוסט די פּנימער“, ב. דעמבלין, איק, ר„ה
תּשכ״ד.
איינרוען — אוטוו. רו אײַן, ~גערוט. 1. זיך

□

-

געפֿינען אין אַ צושטאַנד פֿון רואיקייט. [
געוויינטלעך מיט נ י ט.] „בײַ גרויס אויפֿרעגונג
קאָן אַ מענטש ניט א, און ניט אײַנזיצן„, יע□

אַײַנרו□;

וואונדער־אוצר..., מענשל, קערפּער. „כ'וועל
ניט א, ביז איך וועל דערגרייכן מײַנס“. *ניט

קענען א אָ מינוט = זײַן פֿול מיט ענערגיע,

,

זײַן אַ קוועקזילבער. „עפּעס ברענט אין אים,
ער קען ניט א אַ סעקונדע“. „ס'נפֿשל רוט ניט

,

אײַן אין מיר„ (רייד, שוואַנגערע פֿרוי).
2. (מיט נ י ט) ניט קענען שלום מאַכן מיט
עפּעס. ניט קענען א, איבער דער מלחמה, די
גזירות אע. „ווי האָב איך געקענט א, ווען עס
זײַנען געקומען די ידיעות וועגן אומברענגען
מײַנע אייגענע?“. 3. בלײַבן אויף שטענדיק
רואיק. “זי זאָל וויסן אַז זי איז געשטאָרבן און
זי זאָל א',„ ווײַס, 'אַ מעשׂה מיט אַ ציג,. אויך
מיט ז י ך. ־אונג. ־עניש.
איינרוף — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
--
פֿון אײַנרופֿן ־ונג.

.

איינרופֿן— טרוו. רוף אײַן, ~גערופֿן. 1.

אַ

-

-

רײַנרוסן. א, עמעצן פֿון גאַס אין שטוב אַרײַן.

שטיין בײַ דער טיר און א, קונים. 2.
צונויפֿרופֿן, אײַנזאַמלען, געבן צו וויסן מע זאָל זיך
צונויפֿקלײַבן. א אַ פֿאַרזאַמלונג. א אַ
קאָנפֿע,   ,
רענץ.   3. גאַליציע. אײַנפֿאָדערן צו
מיליטערדינסט. „וואָס טוט השם־יתברך? ווערט אַ
מלחמה. רופֿט מען אײַן דעם חתן„, ד. זילבערבוש,
שטרעכאַלעך, ווין 1916. „און זיי גלײַך א, אין
דער אַרמיי„, העשעלעס, גיטעלע ציגאַנקע.
־עניש.   ־ער — דער א, פֿון דער
קאָנפֿערענץ.
איינרוקן — רוק אײַן, ׳.־,גערוקט.   טרוו —
-
אַרײַנרוקן. אַרײַנשטופֿן, אַרײַנטאָן אינעווייניק.
א, דאָס העמדל אין די הויזן. א, ברויט (צו
באַקן), דעם טשאָלנט. *א, אין אויוון = אָנהייבן
אַ זיכערע אַרבעט.
אוטוו — 1. גאַליציע. גיין אָפּדינען די צײַט
אין מיליטער. אָפּגעגעבן דעם ייִדישן בחור האָט
מען זומערצײַט, אָבער א, האָט ער געדאַרפֿט
ערשט נאָך די יום־טובֿים. 2. דינען אין
עסטרײַכישן רעזערוו, אין לאַנד־שטורעם, אויף
וואָפֿן־געניטונג. [צוועלף יאָר כּסדר האָט מען
נאָכן אָפּדינען אין מיליטער געדאַרפֿט אויף

צוויי (דרײַ פֿיר) וואָכן גיין צוריק אין רעגי,

מענט אויף מיליטערישע געניטונגען.] „ער איז געקומען זיך געזעגענען, ער גייט שוין מאָרגן א',,, רייד (קאָלאָמיי). 3. וואול. האָבן געשלעכטלעכן פֿאַרקער. ־עכץ. ־עניש.

איינריגלען — טרוו ־גל אײַן, ○ ...,,גערױגלט.

—

.

פֿאַרמאַכן אויף אַ ריגל (קייטל). אײַנשפּאַרן הינטער אַ פֿאַרריגלטער טיר. א, די טיר. א, עמעצן. א, הינטער גראַטעס. מיט ז י ך — „איך וועל זיך א, פֿון שטורעם,,, יהואָש, 'אויפֿן וועג'. ־עניש.

אײַנריגעווען — טרוו. ־געווע אײַן, ~ גערײגעוועט. (שנײַדערײַ) אײַנגייען אינאיינעם דעם שטאָף מיט לײַוונט. ← אויסריגעווען, 354. א, דעם קאָלנער.

איינרידלען — טרוו. ־דל אײַן, ○ ..,גערידלט.

-

אײַנגראָבן מיט אַ רידל. א, קאַרטאָפֿליעס. „מיר האָבן דאָ... אײַנגערידלט..., אײַנגעהאַמערט

דעם אַלטן ניגון פֿון אונדזער שטאַם,,, א.
שומיאָטשער, לידער.
איינרייאיק — אַדי. וואָס איז אין איין ריי.
וואָס האָט נאָר איין ריי (קנעפּ, באַפֿוצונגען אע).
א'ע שטולן. א'ע גאַליאָרקע. ,,מינים אָנציגער:
א'ע — אויף איין זײַט די קנעפּ און
צווייררייאיקע — אויף בײדע זײַטן די קנעפּ“, ש.
ווינטער, ,צו דער טערמינאָלאָגיע פֿון מלאָכות,
[פֿש II].
איינרייבן — טרוו. רײַב אײַן, ~גערײבן.
-- --

1. צערײַבן און אַרײַנטאָן, אײַנמישן. א,
עטלעכע ציבל אין קאַרטאָפֿל־לאַטקעס. א, קנאָבל
אין קלאָפּס. 2. צערײַבן, צעמאָלן,
צעדריבלען אויף דינע חלקימלעך. א, ברײן. א, עפּל.
א אַ רעטעך אויף אַ ריבאײַזן. א, סעכערעס
,

אויף פּאָרעך.
3. רײַבן איינס אין (אָן) דעם אַנדערן. א,
צוויי שטיינער עס זאָל אַרויס אַ פֿײַער. ,,רײַב
אײַן דעם הינטן (תּחת) אין אַ שטיין, וועט
דיר דער כּעס איבערגיין,, פֿוול. 4. אײַנגעבן,
,

אַרויפֿגעבן פֿעטס. א, די שטיוול מיט פֿישטראָן.
„איז נייטיק דעם וואַקס אײַנצורײַבן מיט לוב
(שוסטער באַנוצן דאָס)“, בער. *א, דעם ביילעך
בײַ עמעצן = אומאיידל פֿאַרדינען בײַ (דורך)

.

אים אַ היפּשע סומע.

5. אַרײַנרײַבן. אײַנמאַסאַזשירן. א, די ברוסט
מיט קאַמפֿעראייל. א, דאָס לײַב מיט אַ
שמעקעדיקער פֿליסיקייט. „מע מעג זיך שמירן
מיט פֿעטיקייט דאָס לײַב און מיט דער האַנט
א',„ כּבֿ ונקי איבֿז, משניות, לעמבערג 1872.
„זי האָט אים געשטעלט אַ... שפּאַנישע ▯ליג,
געמאַכט עפֿעס אַ שמירעכץ אויף אײַנצורײַבן
אונטערן לעפֿעלע“, ממוס, ווינטשפֿ. „איך וויל
נאָך מאַכן די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער
יצרהרע — 'מאַסאַזש'! איך וועל נאָך פּרוּוון אים אַ
ביסל א'“, פּרץ, 'דער כעלעמער מלמד'. 6.
פֿירן הין און צוריק מיט דער האַנט אָדער מיט
אַ חפֿץ איבער עפּעס. א, די באַשמירטע שטיוול
זיי זאָלן גלאַנצן. „דו זאָלסט א, דעם
טערמאָמעטער מיט די פֿינגער כּדי אַרויפֿצוציִען די
היץ“, מ. פּראַגער, טמז, 5 1962 I.

7. וואוילײַנגעריש. אײַנקלאַפּן אַ האַנט בײַם
מאַכן אַ געשעפֿט, זיך איבערבעטן אע. א אַן

,

-

אָפּמאַך, א, אַ געשעפֿט אע. „רײַב אײַן, אַ וואָרט איז אַ וואָרט. גיב אַהער די האַנט“, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, 1922. „(דערלאַנגט אים די האַנט מיט אַ פּײַף): רײַב אײַן!“, בימקאָ, גנבֿים. 8. אײַנמזיקן. אײַנממיתן. „ווער גיט די קאָזאַקן אויף שנאַפּס, זיי זאָלן בעסער א, די אַרבעטער די זײַטן?“, אַ רעדע אויף פּורים, ווילנע 1897.

9. אײַנפֿרעסן. אַוועקשטעלן דעם טאָפּ צימעס צווישן די פֿיס און א, אים ביזן דנאָ. “ווען א, די גוטע קאַרטאָפֿל מיט די אוגערקעס, מיט דעם טײַערן מילכיקן קרופּניק פֿאַרזופּן“, אַר, 'דער קראַנקער פֿינגער,.

מיט ז י ך — אויך: זיך פֿאַרנעמען מיט אָנאַניזם ־ונג — אַן א, מיט בײדע הענט.

.

„עטערישער אייל, וואָס מע באַקומט פֿון שוואַרצן זענעפֿט, דינט צו שמירעכץ און א'„ פֿגעז,
,
ווילנע 8 1940, No. ־עכ□ן — „די אַלע א'ן

אײַנריידן

ברענגען דער ברוסט קיין שום נוצן ניט" פֿגעז,
,
ווילנע 8 1925' No. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.

אײַנרייד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנריידן. אונטער (מיט) אַ פּאָליטישן א'.

אײַנריידן — אוטוו & טרוו. רייד (רעדסט, רעדט) אײַן, ~גערעדט, לד. פּפֿ: ~רעדן (→) [מיט ע די אָפּטסטע פֿאָרעם. דער חילוק צווישן ביידע פֿאָרמען נאָר אין אינ□, אימפּ און איצ].

1. (פּרווון) ווירקן, משפּיע זײַן מיט רייד מע זאָל עפּעס טאָן. [די פּערזאָן וואָס מע רעדט צו איר — אין דאַטיוו] א, דיר דו זאָלסט ווערן זײַן שותּף. „אַלי זײַן מעניסטער האבן אים ניט איין רידן" □י קען אויך באַצייכענען דעם קלאַנג ע. אַזוי אויך אין אַנדערע ציטאַטן פֿון אַלטע

ווערק], מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. „און דו בּיסט מחויבֿ אים אײַנצורײדן ער זאָל זיך ניט שעמען עסן“, לט2, לז/א. „זיי האָבּן מיר אַלץ אײַנגערעדט מיט אַ שמייכל און מיט ווייכע ווערטער אַז איך זאָל ליגן רואיק“, ממוס, ' צוריק אַהיים,. “ווי אַזוי קאָן מען א, אַ מוזיקער אַז ער זאָל איבּערטוישן זײַן אינסטרומענט?„, שנ, שלוס אַש.

2. מיט (גוטע, רואיקע) רייד ווירקן, מע זאַל אָננעמען עפּעס (אויך אַזוינס וואָס איז ניט בּהסכּם מיטן אמת). “זיי האָבּן מ י ר געטאָן גליקן א'“, פּל. “האָט ער אים דערציילט אַז ער זוכט אַ גילדענעם בּאַרג... האָט ער אים געענפּערט... מע האָט דיר אײַנגערעדט אַ נאַרישקייט„, נחב, 'מעשׂה מאבֿידת בּת מלך'. “אַז פּאַרזינדיקטע מענטשן ווען דיר עפּעס א„ זאָלסטו נישט וועלן“, מס, משלי תקע“ד, א, 10. „ווען ער וועט דיר דאָס וועלן א', קער זיך אום צו דײַן שׂכל“, חה, בּ, 15.

*א אַ קינד אין בּויך, א אַ קאַץ אין בּויך.

א, פּייגעלעך אין בּוזעם; א, אויפֿן הימל אַ

אַי

ריד, אויפֿן בּוידעם אַ יאַריד = א) א אַזוינס

,

וואָס איז ניט מיגלעך, איז אַ פֿאַנטאַזיע;

בּ) פֿאַרפֿירן מיט פֿאַלשע צוזאָגן. *א אַ

לונג,

און־לעבּער אונטער (אויף) דער נאָז = אויך:

ווירקן אויפֿן געמיט, מע זאָל זיך פֿילן שלעכט,

קראַנק.

3. מיט רייד ווירקן, מע זאָל דורכגענומען,

דורכגעדרונגען ווערן מיט (פֿון) עפּעס. „א,

חכמה אַ נאַר (הייסט) האָבּן אומזיסטן צער„,

שוו. „יאָ, גיי רייד אײַן ליבּע!“.

4. אָרײַנריידן אָפּט, אַ סך ריידן צו עמעצן.

א, אין אַ מיקראָפֿאָן, רעקאָרדירער. „און אַהרון

דײַן בּרודער ווערט עז איין רידן אין אורין

פּרעה„, טח, שמות, ז, 2, רשי. “... ווערט ער

[דער יצר־הרע] די וואשׂ אײַן רידן פֿון דײַן

[אייגענער] חכמה“, חה, אַמשט 1716, קא/ב.

„זאָל זײַן קינד אַלי צײַט שטראָפֿן אונ, זאָל

דעם קינד אײַן רידן נאָך זײַן יאַר און נאָך

דעם קינד זײַן פֿר שטאַנד“, עח, יג/ג.

5. בּאַרואיקן מיט רייד. „אַז די אָשה זעט...

[איר מאַן] איז זייער בּאַזאָרגט, זאָל זי אים

חלילה ניט עסן דאָס האַרץ, נאָר אַדרבּה זי זאָל

אים א, מיט גוטע רייד„, הנהגות הנשים, ווילנע

תּר,,ה.

אײַנריידעניש

6. אַרכ. אָפּריידן. מושווה ווערן. מיטריידן.
זאָגן אַ דעה. ״זוא איז המוסכּם גבּליבּן, דז ווער
אין עסק וואשׂ דשׂ גנץ מקום אײַן צו רידן
העט״, 'כּ״י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669
ופּש III].

מיט ז י ך — זיך (ניט) לאָזן עפּעס א'. א,
זיר אַ ק ר ע נ ק. א, זיך אַ שטות,
נאַרישקייט. *א, זיך לאָקש, בּוידעם, אַ קינד אין בויך
אאַזוו (← בּ2). ,,דער ליגנער רעדט זיך זײַנע
ליגנס אַזוי לאַנג אײַן, בּיז ער גלייבּט זיך
אַליין״, שוו. ״שלאָג זשע דיר אַרויס די ליבּע
פֿון דײַן האַרצן און רייד דיר אַזאַ נאַרישקייט
ניט אײַן״ פּל. ,,דער מענטש זאָל זיך ניט א',

,

דער יצר־הרע איז שטאַרקער פֿון מיר״, ע)רה
בּת טו יט, תּחנה שער היחוד על עולמות, אָרט
אין רוסלאַנד? 1836? ,,אַז ער וועט זיך אַזוי א',
וועט ער בּוודאי תּשובֿה טאָן,,, לט2, בט/א.

־ונג. ־עכ ן. —ער (־ין, ־קע) —
״אַנדערע פֿעלקער... האָבן זי אַגיטאַטאָרס,
י

-

א'ס, מיסיאָנערן״, הרבֿ יוסף שאַפּאָטשניק,
אונטערוועגנס ש״ס אין העפּטן, לאָנדאָן, יאָר?
—ערײַ.
איינריידעניש — דאָס (די), ־ן. דאָס וואָס
--
מע רעדט זיך בלויז אײַן און איז אויף אַן אמת
ניט אַזוי. פּוסטע פֿאַנטאַזיע. גלייבעכץ.
פֿאָראורטייל. האָבן א'ן. פֿרײַ פֿון א'ן. „אַן א, איז
ערגער פֿון אַ קרענק״, שוו [= פֿאַר אַ קרענק
איז דאָ אַ רפֿואה, אָבער ניט פֿאַר קיין א'].
„מאַנכע אומוויסנדיקע מאַמעס האַלטן זיך אָבער
בײַ דער א', אַז דאָס קינד קען ניט זויגן צוליב
דעם, וואָס דאָס צינגל איז בײַ אים ,

צוגעוואַקסן'" געז, ווילנע 11 1932, No.

איינרייזן — אוטוו. רײַז אײַן, ~גערײַזט.

- -

אַרײַנפֿאָרן אין אַ לאַנד. א, אויף אַ קורצער צײַט קיין (אין) ענגלאַנד.

איינרייזע — די, ־ס. דאָס אַרײַנפֿאָרן אין אַ

-- -

לאַנד. „די א, דאָרף נאָך זײַן באַשטעטיקט פֿון אַפֿאַנישן קאָנסול אין מאָסקווע", סעג, געי

בּרענטע טריט.

איינרייזען — 1. ← אײַנראַזיען. 2.

אײַן-- --

רײַזן (לאָקל, וויטעבּסק).

אײַנרייטלען

— דזוו אײַנרויטלען.

איינרייטן — רײַט אײַן, ~געריטן. טרוו —

- - -

אײַנטרענירן, אײַנלערנען אַ פֿערד, צוגעוואוינען צו אַ רײַטער אויף זיך. אוטוו — אַרײַנקומען רײַטנדיק. א, מיטן עסקאַדראָן אין שטאָט אַרײַן.

איינרייכן — טרוו. רײַך אײַן, ,גערײַכט.

דטשמ. נר. דערלאַנגען אַ שריפֿט, אַ בקשה, אַ דאָקומענט, אַן אָנקלאָג אין אַן אַמט, צו אַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן. א, די דעמיסיע. „באותו היום האבּין מיר יהודים אונזרי נעמין אַלי שפּעצפֿצירט אונ, — איר עקסלענט יעניראַל טיטול יר„ה — איין רײַכן לאזין„, באַלעגערניש „האָבּן די ייִדן אײַנגערײַכט צום שׂררה מע זאָל...„, ספּורי נפֿלאות, לבֿוב תּר„י. „ווייסטו דען ניט, אַז מע מוז מאָרגן גאַנץ פֿרי א, אין דער פּאָליצײַ אַרײַן?“, עט, סערקעלע.

איינרייכערן — דזוו אײַנרויכערן.

--

1224

אײַנריימען — ← אײַנרוימען. „האַט בנימין שטילערהייט אײַנגערײמט סענדערלען אין אויער“, ממקס, מסעות.

איינרייס — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזול --

טאַט פֿון אײַנרײַסן. אַן א, מיט דער אַלטער

וועלט. 2. זייער גרויסער חילוק,
אונטערשייד. איבּעררײַס. דיסהאַרמאָניע. אַ
פֿונדאַמענטאַלער א,. א, צווישן טרוים אוןווירקלעכקייט.
"מחמת ס'איז אַ גרויסער א, צווישן דעם וואָס
זיי האָבּן געוואָלט געפֿינען... מיט דעם וואָס
זיי האָבּן אין דער ווירקלעכקייט געפֿונען", ש.
גאָדינער, דער מענטש מיט דער בּיקס.
אײַנרײַסן — רײַס אײַן, ~געריסן. טרוו —
1. מאַכן אַ ריס, צערײַסן אַ בּיסל. ,,ער קערט
זיך אום שמואל אונ, ער בּיגרייף שאול בּײַא
זײַנם רוק [= ראָק] אונ, ער רייַשׂ אים אײַן",
טח, שמואל א, טו, 27. ,,[ער] האָט מיט
ציטערנדע הענט דאָס בּריוול צוגענומען און זיך גוט
געהיט, ער זאָל דעם קאָנווערט חלילה ניט א'",
יד, א ן נגף א אַ ו ו ע ק ס ל = אים טאַקע
,
ממש א, (נאָכן האָבּן צוריקבּאַקומען
בּאַצאָלטערהייט). א, די כּ ו ח ו ת = א) אָנווערן כּוח
בּײַ שווערער פּראַצע; בּ) זיך מיִען איבּער די
כּוחות. א, די ק י ש ק ע ס = א) אַ סך שרײַען,
וויינען; בּ) לאַכן שטאַרק. א, ק ר י ע ה — דזוו
רײַסן קריעה. ,,צו מיר האָט טרויער
אַראָפּגענידערט שטום און שטאַר און האָט מיר קריעה

-

אײַנגעריסן", א שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט.

2. אָפּרײַסן אַ שטיק, אַ טייל. אַ שטורעם וואָס רײַסט אײַן צווײַגן פֿון ביימער. וואַלן, כוואַליעס רײַסן אײַן די זאַמד־בערגלעך. „די שטילע וואַסערלעך רײַסן אײַן די ברעגעס", שוו. „צו פֿאַרהיטן דאָס וואַסער זאָל ניט א, דעם ברעג, מאַכט מען טאַמעס און מע פֿאַרפֿלאַנצט אויף זיי קליינע ביימעלעך", מ. וועבער, זער יודישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. *א, (די) פ ר נ ס ה פֿאַרקאָנקורירן אָדער בכלל ברענ

גען מאַטעריעלן שאָדן, פֿאַרמינערן די פּרנסה. אַזוי אויך: א, די קראָם, דאָס געשעפֿט, דעם וואַרשטאַט א ע. "עס האָבן זיך אַרײַנגעקליבן שוואַרצע, די ווײַסע זײַנען אַוועק, און מע האָט מיר אײַנגעריסן די פּרנסה,,, רייד (נ,,י). *א, די ש ט ו ב , די שוועלן, דאָס הויז = דזוו אָפשלאָגן די שוועלן, אַ סך מענטשן קומען און לייגן פֿאָר. די הענדלערס רײַסן אײַן די שוועלן. "מע האָט דאָך מיר די שטובן אײַנגעריסן מיט נגידישע שידוכים", י. מ. ניימאַן, שבת־אויבס,

וואַרשע 1923.

3. אײַנבּרעכן, צעבּרעכן. אוי□ רײַסן. צעשטערן. „דא האָט ער גלאזט אויז רופֿן, דיא בּוירגר זאָלין זעלבּ□יט איר שטאַט מויאר אין רײַסן„, 'איין נײַא קלאָג ליד פֿון חורבּן ק״ק וורמיישא', אַמשט 1723 [פֿש III]. „עשׂ זאָל קיינר קיין הערד אודר אובֿין אײַן רײַסן, אודר ער מוז אים ווידר לאָזן בּויאן„, מ. י. גאַלינו, חכמת היד פֿפֿאָ תקנ״ט, יב/ב. ״ווען די אַלטע

,

זאָגן — רײַס אײַן און די יונגע זאָגן — בּוי אויף — זאָלסטו ליבּער א', דען די אַלטע זינד קליגער אַלס די יונגע„, בּן סירא, ל□וב 1858.

אײַנרײַסן

„האָט זיך דאָס דאָרף אויף זיי פֿאַרזאַמלט און האָבּן געוואָלט דאָס הײַזל א„„ דאָס גיטויפֿטע יונגיל, לעמבּערג 1884. „א, דאָס איז קיין קונסט — בּויען איז אַ קונסט״, ר, עקיבֿא יוסף שלעזינגער, קונטרס שמרו משפּט, ירושלים תּר„ס. „מיט האַרציקער פֿרייד קוק איך, ווי איר רײַסט אײַן די מויערן פֿון... סדום״, פּרץ, '

האָפֿענונג און שרעק'.

4. (אָן פֿאַסיוו) דערצער(ע)נען. ‟רײַס אים ניט אײַן, דו דאַרפֿסט אָנקומען צו זײַן לאַסקע“. ‟איך וועל אים נאָך א,, וועט ער מיט מיר ניט וועלן גיין צום דאָקטאָר ראַבּינער“, ירמי, יוסף יאַקאָבּזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.

5. (אַקוזוו) אַרומלויפֿן, טומלען, שרײַען כּדי עפּעס אויפֿצוטאָן, צו דערגרייכן. א, הימל און ערד. ,,אַרומלויפֿן ווי די אַחשתּרונים, □:, די קאַפּאָטע, בלײַבּן מיט וויייניק געלט און אַ סך חרטה“, בּדחניש. ,,וואָס רײַסן דאָ אײַן די נאַראָנים? וואָס איז דאָס געיעג, דאָס געשריי?,,, פּרץ, לידער און פּאָעמען. פֿרגל: דאָ ווײַטער אַקוזוו.

אוטוו — 1. בּרוגז ווערן. צעקריגן זיך, אַרײַנגיין אין שטאַרקע מחלוקתן (פֿרגל טרוו, בּ4). מיט קיינעם ניט א', וועלן אַלעמען געפֿעלן. ס'איז אַ מורא אײַנצורײַסן מ י ט ן פֿריץ, פֿריסטאַוו אע. ,,איך וועל זיך מיט אים ניט א'“. ,,א, מיט קהל — אַן אומגליק אַלעמאָל“, שוו. ,,צוּוואָס א, אַז מע קען לעבּן אין פֿריידן?,,, שוו. ,,איטלעכער האָט... זיך געשטיקט אינעווייניק און געשוויגן, אויס מורא מיט אים אײַנצורײַסן“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ‟וואָרעם א, מיט אַזאַ ווײַבּעלע... ווען לוינט דאָס?,,, מ. טײַטש,

אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929. *א, מ י ט
אַ (דער) ו ו ע ל ט = זיך צעקריגן מיט אַ סך,
מיט אַלעמען.
2. אָפּנייגן פֿון אַ שיטה, ריכטונג. א, מיטן
פֿריִערדיקן וועלט־בּאַנעם. א, מיט די
פֿריִערדיקע טראַדיציעס. א, מיטן פֿריִערדיקן בּאַנעם
פֿון קלאַסנקאַמף.
3. אָנרײַסן. אַרויסרופֿן גרויס אינטערעס,
נאָכפֿרעג, אויפֿרודערונג. „העט עז למיץ
גפֿיהרט אַזוא איין עניין מעכט איין רי סין“, 'כּ“י
וועגן מעצער עלילת־דם', 9 16 [פֿש III]. „אין
דעם סדר הלימוד... האָט אײַן גריסן דאשׂ דיא
מלמדים די קינדר אויף די גמרא זעצן, אובֿ
[דה איידער] עשׂ איין רעכטי פּרשה חומש
קאַן“, אבֿן יסtראל, מעץ 1766. „נאָר איין מאָדע
איז דאָ... האָט זי בּײַ ייִדן נאָר ערגער
אײַנגעריסן ווי בּײַ אַלע אַנדערע נאַציעס“, ארז, קמ,
3 6)18, No.
4. אַרײַנרײַסן זיך. אַרײַנמישן זיך. א, א י ן
יענעמס עסקים. „מע הערט... יעדן זיך קלאָגן
אויף דער שרעקלעכער טײַערונג וואָס האָט
אײַנגעריסן אין אַלע זאַכן“, קמ, 29 1868, No.
אקוזוו — אין אַ צאָל אויסדרוקן. א, אַ

ו ו ע ל ט , ו ו ע ל ט ן = א) אויף אַן אַראָגאַנטן
אופֿן שטופּן זיך, רײַסן זיך פֿאָרויס, ווען
אַרײַננאַרן, אַרײַנקריגן פֿאַר זיך וואָס מער.
א אַ וועלט גיך רײַך צו ווערן. „אים איז
ווי",
ניק וויפֿל ער האָט, ער רײַסט אײַן וועלטן".
„רײַס ניט אײַן די וועלט, לעב און לאָז לעבן",

אײַנרײַסז

פּרץ, „משופּע„; ב) זיך אָנשטרענגען מיט אַלע
כּוחות, איבער די כּוחות (דערבײַ אויך שרײַען,
פּראָטעסטירן, לויפֿן נאָך הילף אע). גענוצט סײַ
בײַם דורכפֿאַלן סײַ בײַם דערגרייכן. א, וועלטן
די גזירה זאָל בטל ווערן. "ער וועט שוין ניט
א, די וועלט פֿון געלט וועגן", חא, מט/א.
„אַהיימקומען פֿון גאַס מיט ברייטקייט, ווי
איינער וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך וועלטן
אײַנגעריסן„, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'. „דאָס דאָזיקע
א, וועלטן, דורכברעכן מויערן, מאַכן
אויפֿציטערן לענדער...„, דר, הלל זײַדמאַן, טמז,
5 1968 I; ג) אַרויסווײַזן אויפֿגערעגטקייט,
צעטומלטקייט ביז דער העכסטער מדרגה.
גוואַלדעווען, שרײַען, וויינען. „אָז יחיאל איז ניט

אַהיימגעקומען..., האָט ▯ יבֿקה וועלטן
אײַנגעריסן“, אַש, תּהילים־ייִד.

*א, די ש ו ל — בּעת אַן אומגליק, אַ סכּנה, אַ געפֿערלעכער קראַנקייט אין דער משפּחה אַרײַנלויפֿן אין שול, עפֿענען דעם אָרון־קוֹדש, אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ און מיט אַ געוויין, געשריי, בּעטן רחמים בּײַם רבּוֹנו־שלֿ־עוֹלם. א, דעם אָ ר ו ן ־ ק וֹ ד ש — דז. אויך: א, א י ן שול, אין בּית־מדרש. „מע האָט שוין אַלץ געטאָן וואָס מע האָט געקאָנט, די שול אײַנגעריסן, קבֿרים געמאָסטן“, פּרץ, חסידיש. „מאַמעס זענען געלאָפֿן א'. אין בּית־מדרש... אָלעמאָל אין אַן אַנדער הויז [איז] אַוועקגעפֿאַלן אַן עוֹפֿעלע„,

בּאַש, דער ▯טן אין גאָרטן. „מײַן ווײַבּ האָט אויך ניט געזשאַלעוועט קיין מי, געלאָפֿן רײַסן קבֿרים... און אײַנגעריסן דעם אָרון־קוֹדש“, מ. בּעקערמאַן, ר, בּצלאלקע מלמד, וואַרשע 1895. „עס איז דאָ אַ גוֹסס אין שטוב און זי קומט א, אין שול אַרײַן“, אָפּאַ, 'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ'.

*א, ק בֿ ר י ם , דעם קבֿר פֿון אַ צדיק = לויפֿן צום בּית־עוֹלם, פֿאַלן אויפֿן קבֿר, אַרומנעמען מיט די הענט די מצבֿה און מיט גרויס געוויין בּעטן דעם נפֿטר (די נפֿטרים) זיך צו

מיִען, די סכּנה, דאָס אומגליק, זאָל אַוועק. א, קבֿרים פֿאַר דער איינציקער טאָכטער וואָס גייט שווער צו קינד. אויך: זיך משתּדל זײַן. „פֿאָרן גלײַך אָראָפּ קיין פּייטער[בּורג] און דאָרט בּײַ די גרעסטע שׂררים א, קבֿרים„. ש„ז [שמואל זילבּערשטיין], דיא בּערזע שפּעקולאַציע, וואַרשע 1894. אַנאַלאָגיש — „רײַס אײַן די ערטער ווי קבֿרים פֿאַר אָ נײַער, בּעסערער וועלט„. רחל קאָרן, היימיש, מײַ 1959.

*א, ה י מ ל ע ן , דעם הימל, (אַלע) זיבּן הימלען = מתפּלל זײַן מיט טיף געפֿיל, מיט געוויין, מיט געשריי, און בּעטן פֿאַר (לטובֿת) עמעצן אָדער עפּעס. „מיר שרײַען צו גאָט, מיר הייבּן אָן צו טומלען, מיר רײַסן אײַן מיט אונדזער געוויין אַלע זיבּן הימלען“, אגפֿ, בּרכּוכבֿא. „מע לערנט. מע דאַוונט. עד לבֿ השמים דאָס קול. מע רײַסט אײַן זיבּן הימלען“, פּרץ, ד[סידיש.

א, די בּ ה מ ו ת (אין פֿעלד) = איר. זיך פֿאַרמעסטן אויפֿצוטאָן אַ גרויסע זאַך.

אײַנרײַסן זיך — ← דפֿוו. א, זיך די כּוחות.

- -

„געכאַפּט דאָס זעקל... אויף די פּלייצעס, זיך

אײַנגעריסן דאָס געזונט‟, שע, טבֿיה. „ער רײַסט
שרײַענדיק זיך פּשוט אײַן די ק ע ל „ , ממוס,
שירה. ‟דו האָסט דיר די ק י ש ק ע ס
אײַנגעריסן„, אבֿג, גלגול, וואַרשע תּרנ„ו. „ס'קינד האָט
נעבעך שרײַענדיק די ג אַ ל זיך אײַנגעריסן‟,
יהואָש, 'אַ יום־כּיפּור־מעשׂהלע'. „צוואָס האָט
מען באַדאַרפֿט אַזוי שרײַען, איר זאָלט זיך א,
דעם ה אַ ל ד ז?„, י. ל. בינשטאָק, בײַא ר, שלמה
בערלינער, לוואָוו 1896. *א, זיך = א) הייזעריק
ווערן שרײַענדיק; בּ) קריגן אַ שבֿר, אַ בּרוך.
א, זיך מיטן פּריץ, מיט נאַטשאַלסטווע אע.
‟ מ י ט אַ רבּים טאָר מען זיך ניט א'„, שוו.
„האָבן אַלע באַוואונדערט זײַן מוט, וואָרעם
ווער קאָן זיך א, מיט אַ גאַנצער שטאָט‟, יק.
„איך האָב זיך ניט געוואָלט צו פֿיל א, מיט
דער גאַנצער גראַמאַדע (געמיינדע) פֿויערים„,
יוסף מאַרגאָשעס, עראינערונגען פֿון מײַן לעבן.
*א, זיך דעם פּ ע ל ץ (דעם ספּאָדיק, דעם
לעטניק אע) = איר ווען שטאַרק באַמיִען זיך.
„וואָס רײַסט ער זיך אײַן דעם פּעלץ פֿאַר אַזאַ
קאַנדידאַט?„, רייד (נ„י). *זיך נ י ט א, דעם
פּעלץ (... אע) = ניט האַלטן אַז דער ענין איז

וויכטיק. ־ונג.

אײַנרײַסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס פֿון אײַנרײַסן (זיך), ספּעצ: 1. אַן אָנלויף, אַ בהלה. אַן א, אין גאַס, מע האָט געמיינט, ס'אַ שׂרפֿה. 2. גרויסער נאָכפֿרעג. אַן א, אויפֿן באַרימטן בדחן. אַן א, אין שפּײַזגעוועלב. ,,ניטאָ קיין א, אויף דער מיסיאָנערישער סחורה,, פֿאָר, 1961 III ו 4.

אײַנרײַסער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס רײַסט אײַן. ,,ייִדענעס, גבאיטעס, קבֿרים־מעסטערינס'... שול־ און אָרון־קודשא'ינס,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 2. אַמביציעזער, ענערגישער. ווער עס שסופּט זיך פֿאָרויס, יאָגט זיך נאָך פֿאָרדינסטן. אײַנשטעלער, ריזיקאַנט. אַ סוחר, אָן א,, וויפֿל ער פֿאַרדינט איז אים ווייניק. ,,איצט איז ער רײַך, באַציט פֿון דער וועסט וואַגאָנען סחורה, איז אַ יונג אַן א',,, אַפּאַ, די טענצערין. ,,אַ ייִד אַן א'... וואָס האָט זיו ניט געשעמט צו שווינדלען,,, באַש, פֿאָר, 1958 I י 21. ,,און ווײַבער וועלן אים נאָכקוקן וואָס פֿאַר אַן א־ פֿון אַ יונג ער איז,,, ווײַם, 'אַ טאַטע מיט בנים,. ,,די

טאָכטער איז ניט אַזאַ א'קע ווי די מאַמע, זי
איז אַ שטילע, אַ שטובזיצערקע", חג, ,שטומער
מנין'. ־ערײַ.
אײַנרײַסעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע
פֿון אַן אײַנרײַסער. „דרײַ פֿון זײַנע זין זײַנען
געווען זייער פֿעאיקע און א'ע פּאַרשוינען,,,
יוסף מאַרגאָשעס, עראינערונגען פֿון מ ן לעבן.
־קייט.
אײַנרייען — טרוו. ריי אײַן, ~גערייט.
1. אַרײַננעמען, אַרײַנשטעלן אין אַ ריי (אין
רייען). א, די צוגאָב־שטולן. „גלײַך ווען איינר
איין שניר פּערליך מיט אַלירליי אבֿנים טובֿות
אין גירייאט האָט", לט1, קנא/א. 2.
אײַנשטעלן אין רייען. א, די קינדער און גיין מיט
זיי אין פּאַרק. מיט ז י ך — זיך

אײַנבּיראײַנריכטן

גערן, זיך אײַנוואָרצלען. „בּירגער זײַן, הייסט
זיך צופּאַסן, זיך א, אין דער מאַסע,,, קאָר I.
„אם כּבֿר נשארתּי בּחיים, אני רוצה להכּות
שרשים בּהם... אני רוצה זיך אײַנרייען",
ד ר, ב, כּסלו תּשי,,ט ־אונג.
.

-

אײַנרײַסן — טרוו. רײַף אײַן, ~געריייפֿט.
אַרומנעמען מיט אַ רײַף. אײַנשמידן מיט אַ מעטאַלענעם אָדער הילצערנעם פּאַס. א, דאָס פֿעסל. א אַ הילצערנעם עמער.

,
אײנרײצן — טרוו. רײַץ אײַן, ~גערײצט.
-
מאַכן מע זאָל ווערן אויפֿגערײצט, צערײצט. אײַנהעצן. א, דעם כּלבֿ. „מע טאָר אים ניט א', ער איז אַ מענטש מיט אַ בּיטער האַרץ“. „ צוערשט האָטן מען מיר [= מיך] אײַנגערײצט אויף מײַנע קינדער“, מ. אחון, די צווײ שוועגער, ווילנע תּר“ס. „דאָס האָט איר [= זי] נאָך מער אײַנגערײצט“, ר, יעק□ מאַרק, גדולים פֿון אונזער □צײַט, נ„י 1927. ־עניש.
אײַנרײשן — טרוו. רײש אײַן, ~גערײשט.
אײַנפּרעגלען מיט ציבּעלע. א, אָ ציבּעלע און אַרויפֿגיסן אַן איי ־עכ□ן.
—
.

אײַנריכט — דער, ־ן. אײַנשטעל, אויסשטעל. דרייזין. נר.
אײַנריכטונג — די, ־ען. אַרכ & דטשמ. נר.
1. בעל־הבתּישקייט. ▫ צובינדן זיך צום אָרט, צו די א', צו דער וואוינונג,,, ר. אַדעלהיים, דער פּאַסאַזשיר, וואַרשע 1914. 2. אינסטאַלירונג. אינסטאַלאַציע. ,,אַ מיסט־א, אינעם זײַלן־שטאָק,,, פּראָספּעקט פֿון דירות אין יזרעאליה..., חיפֿה 1964. ,,אָבעליסקן פֿון דער עלעקטרע־א,,,, אַקש, רעד', 14 אָקטיאַבערם, מאָסקווע 1931.
3. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנריכטן (זיך) II. אײַנאָרדענונג. סדר. ,,וסדר, איינה אָרדינטליבה אײַן ריכטונג אין דעם מענשינס אויז גאַבן איזט איין הלבר ביהולף'', ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ,,ט. ''הערשׂט ניטיג איזט איינה אײַו ריכטונג אין פֿר שידני זאָכין צו מאַכין,,, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ''ז [ייִבֿל I]. ,,נאָך [גאָטס] א, מוזן מיר לעבן'', הגדה של פסח על־פּי נוסח חדש, נ,,י 1894.
4. אינסטיטוציע, מוסד. ''דאָס מאַכן... א'ען פֿאָרן כּלל, וואָרצלט זיך... אײַן אין אונדזער געזעלשאַפֿט,,, ש. פּעסקין איבז, נידער..., נ''י 1895. 5. מעטאָד. אופֿן אײַנצושטעלן דעם לערן־מאַטעריאַל. ,,... אין דר העלפֿט צײַט

מער פֿעולה גיטאָהן און, האב איינה איין
ריכטונג גאַנץ אויף מײַנה אַנדרי מאַניר גמאַכט",
ר, א�רהם בך, מאדיל סג„ל מאיטינגין...,
מערכת א�רהם פֿיורדא תּקכ"ט.

,
אײַנריכטן 1 — טרוו. ריכט אײַן, ~געריכט.
-
פּפֿ: ~רעכטן. אײַנבלאָטיקן. אײַנפֿלעקן.
אײַנקויטיקן, אײַנשמירן אין שמוץ. "בין איך
צו אײַך אין שמוץ געקראָכן און אַלע קליידער
אײַנגעריכט„, ח. נ. ביאַליק, ,דאָס לעצטע וואָרט'.
„ווען ער זאָל אָנקליידן איין שיינעם בגד און
קערן דאָס הויז וועט ער זײַנע קליידער א,",
נעתּק ע"י ר, י�ראל ממינסק איבּז, אור עולם,
1865. „ער זאָל שוין מיין ניט זינדיקן, ער זאָל
חס וחלילה ניט צוריק א, זײַן נשמה", סדר

�ײַנריכטן

סליחות, משלים לימי סליחות, וואַרשע תּרפּ"ז.
„אַז מע שטרײַט פֿאַר דאָס לעבן, קוקט מען
ניט, טאָמער וועט מען א, די פֿינגער„, זשיט �י,
נ"י 1917. „ער מוז מאַכן גליקלעך דאָס

פֿאָלק... אָבער אַליין זײַן גליקלעך נאָכדעם
ווי ער האָט זײַנע הענט אין בלוט אײַנגעריכט —
דאָס ניט“, שנ, ה. לייוויק.

 עס לוינט ניט (זיך) א, די הענט = א) ניט
כּדאַי זיך צו פֿאַרנעמען מיט עפּעס וואָס איז
ניט אינגאַנצן גוט, ניט ערלעך אע. „אַזאַ
געשעפֿט? עס לוינט ניט...„; בּ) מע דאַרף זיך
ניט פֿאַרטשעפּען מיטן פּאַרשוין. ער איז ניט
גענוג חשובֿ, מע זאָל אים די ביינער אָנבּרעכן.
„זיי זײַנען ניט ווערט אַז דו זאָלסט דײַנע
הענט א, מיט זייער אומריינע בלוט“, טויזנט
און איין טאָג, ווילנע 1878. “איך וויל... מײַנע
הענט ניט א„ איך וואָלט איר מאַכן די בּאַקן
העכער ווי די נאָז“, א. טאַפּיר, דער קליינער
קאַטערזניק, ווילנע תּרמ“ג.

מיט ז י ך — „עשׂו הרשע ריכט זיך אײַן
מיט עבֿירות“, ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבּז,
תּורת משה, קאַרלסרוע 1770. „ווען ער זיך זײַן
הענט אײַנריכט אין חלבֿ אָדער בּלוט, קאָן ער
זיך... מנקה זײַן„, ספֿר חסידים, תּק“ז? פּפּ:
א, זיך ווי דער ניט־גוטער, ווי אַ רוח, ווי אַ
שד, אַ שוואַרציאָר. א, זיך ווי אַ קוימענקערער,
א מיסטפּירער -עכץ -עניש.

—
. .

אײַנריכטן II — טרוו. ריכט אײַן, ~ געריכט(עט). דטשמ. נר פֿרגל: ~רעכטן II.

.

אײַנאָרדענען. אײַנשטעלן. גרינדן, אָרגאַניזירן. אַראַנזשירן. "איך אַלי לימודי, אין ◌ראג אונ, אַנטוואָרט אײַן גריכט", מ. ז. איידליץ, מלאכת מחש◌ת, פּראָג תּקל"ה. „א, אין דעקאַדענטישן סטיל", ר. אַדעלהיים, דער פּאַסאַזשיר, וואַרשע 1914. "זעט אײַנצוריכטן..., צו אונטערשטיצן אַלמנות מיט יתומים..., קאַליקעס..., קימפּעטאָרינס", ארז, קמ, 35 6◌18, No. „ביידע האָבן אײַנגעריכטעט... די סאַלאָנען מיט אַלע באַפּוצונג", צ◌י ניסן גאָלאָמב, די בורזשואַזיע, וואַרשע 1906.

מיט ז י ך — „איצט האָט זי זיך אײַנגעריבטעט מיט שותּפֿים, לאַקייעס, שיינע נײַע כּלים,„ קמ, 5 1866' No. "זיי ווילן זיך א, מיט אַ שיין בעל־הבתּישקייט", ממוס, 'שם און יפֿת◌. ־ער (־ין).

אײַנריכטעווען — טרוו. ־טעווע אײַן, ~ געריכטעוועט. פּפ: ~רעכטעוועט.

אײַנאָרדענען. אײַנשטעלן. אײַנסטראָיען. אײַנסטאַלירן. דזוו אײַנריכטן II. א, גאַז־באַלײַכטונג. א, אַ שיין

גערטנדל פֿאַרן הויז. אויך מיט ז י ך.
אײַנריכן — טרוו. ריך אײַן, ~געריכט. פֿטמ.
אוקר. דזוו אײַנריכטן I [<אײַנריכטן? רוח?].
אײַנשמירן. אײַנבלאָטיקן. א, דאָס פֿנימל. א, די
הויזן. מיט ז י ך.
אײַנרינגלען — טרוו. ־גל אײַן, ~גערינגלט.
1. אַרײַננעמען אין אַ רינגל, אין אַ רינג. א,
מיט אַ רויטן בלײַ(ער). 2. אײַנפֿאַסן. א אַ
,
טײַערן שטיין. 3. אַרײַנשטעלן, אַרײַננעמען
צווישן די אַנדערע רינגען. א, אין דער

גאָל1226

דענער קייט פֿון דורות. 4. אײַנוויקלען;
אַרומוויקלען. „און, איין פֿאדום פֿון צוועלף
אילן האָט קענן דיא זײַל איין רינגלן“, סהמ,
ירמיה, נב, 21. 5. באַלאַגערן, אַרומכאַפּן פֿון
אַלע זײַטן. א, די שטאָט — ניט אַרײַן, ניט
אַרויס.
מיט ז י ך — “רינגלט זיך אײַן אין רויך פֿון
פֿאַרגאַנגענהייט“, דער לעבעדיקער פֿאַש, 1952
- —
,
4 ▯ II. „איך רינגל אײַן זיך מיט מײַן מאַמען

אין דורות חסידים מיט בטחון“, מלכּה לי, צוק,
מײַ־יוני 1965. —ונג. ־עניש.
איינרינען — אוטוו. רין אײַן, ~גערונען.
--
אַרײַנרינען. אָנרינען. אונטערשטעלן אַן עמער
עס זאָל א, רעגנוואַסער.
איינריס — דער, ־ן. 1. דזוו אײַנרײַס (←).
.
ריס. אַ פֿאַנטשע, אַן א, אין ראָד פֿון אויטאָ.
,,אַמאָל איז די [פּאַפּירענע] 'מאָס, [פֿון שנײַדער]
געווען... מיט אַ סך קליינע א'לעך“, מ.
ווײַסמאַן פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש. 2.
קריגע,
רײַ; קאָנפֿליקט פֿאַרגרעסערן דעם א, מיטן צד

שכנגד.
איינריסטן — טרוו. ריסט אײַן, ~געריסט.
-
טייל מג. דזוו אײַנרוסן (.). אויך מיט
ז י ך.
איינריסעווען — טרוו. ־סעווע אײַן, ~
גערי -

סעוועט. 1. אײַנצייכענען; אײַנמאָלן. א, אַ
דעטאַל אין אַ בילד. 2. (שוסטערײַ)
פֿאַרסמאָליעווען. סטוטש
אײַנר􏰀ען — טרוו. ריִע אײַן, ~געריִעט. פּפֿ:
~ראָיען. סל. אײַנגראָבן. א, קאַרטאָפֿליעס.
אויך מיט ז י ך — זיך א, אין אַ ווינקעלע.
"עפֿעס אַזוי אַ חיה האָט זיך דאָ גענומען א,
אויף ווינטער,„ אי. קיפּניס, די צײַט גייט, קיִעוו
.1940
אײַנריצן — דזוו אײַנקריצן.
אײַנרעגולירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע)
רעגולירט. 1. אײַנשטעלן לויט נאָרמעס. א, דעם
האַנדל. א, דעם פֿאַרקער. א, באַציאונגען צווישן
פֿאַרשיידענע אַמטן. 2. ברענגען צו אַ
הסכּם, אַ פּשרה. „איך נעם אויף זיך א, דעם
קאָנפֿליקט", ע פֿינינבערג איבז, א. אַודדייענקאָ,

איך האָב ליב, מאָסקווע 1935. מיט ז י ך —
„ביידע קרעפֿטן [אַרבעט און קאַפּיטאַל] האָבן
זיך נאָך ניט אײַנרעגולירט", י. מ. אַלפּעראָוויטש,
די וועלט מלחמה..., ווילנע 1905. "די דאָזיקע
זאַכן וועלן זיך אויך א, און זיי וועלן באַקומען
זייער תּיקון", טמז, 3 1967 III. ־ונג. ־ער.
אײַנרעגיסטרירן — טרוו. ־טריר אײַן, ~

רעגיסטרירט. אײַנשרײַבן אין רייסטער, אין אַ
רשימה. א, די באַקומענע און אַרויסגעגעבענע
פּאַפּירן. א, די אימיגראַנטן. מיט ז י ך — א,
זיך וו אַ פּרײַוויליקער ־ונג.

איינרעגלען — טרוו ־גל אײַן, ~גערעגלט.
—
דטשמ נר. 1. ברענגען אין אָרדענונג דורך
אײַנשטעלן כּללים, תּקנות. א, די אויפֿפֿירונג.
2. מאַכן אַז עפּעס זאָל אויפֿגענומען ווערן ווי
דאָס ריכטיקע. „די גײַסטלעכע רעכענען, זיי
האָבן שוין אין אים [אין יידישן ייִנגל] גענוג

אײַנרעדעריש

אײַנגערעגלט קריסטלעכע אידייען, אַז ס'וועט
שוין אים ציִען דערצו“, קמ, No, l870 44.
איינרעגענען — ־גן אײַן, ~גערעגנט. אוטוו

-
— דזוו אַרײַנרעגענען. פֿון דעם צעבראָכענעם

דאַך רעגנט אײַן אין שטוב. טרוו — דורכנעצן מיט רעגן. א, די קליידער דורך און דורך. „מיר זײַנען אײַנגערעגנט געוואָרן, קיין טרוקענער פֿאָדעם איז ניט געבליבן אויף ארנדז„.

אײַנרעדאַגירן, ◌ײ־,רעדאַקטירן — טרוו. ־גיר, ־טיר אײַן, ~(גע)רעדאַגירט, ~(גע) רעדאַקטירט. אַ ביסל, צום טייל רעדאַגירן. נאָר א, דעם מאַנוסקריפּט. אָבער ניט אויסרעדאַגירן ביזן סוף. ־ונג.

איינרעדלדיק — אַדי. וואָס האָט (איז אויף) איין רעדל. א'ער וועלאָסיפּעד. א, וועגעלע.

אײַנרעדן — [קורצע ע] טרוו. רעד אײַן, ~

גערעדט. ← אײַנריידן. 1. צום ב1: “אַן אַגענט מוז קענען שפּראַך, ד„ה ער דאַרף קענען רעדן, צורעדן, א', איבעררעדן... ביז יענער זאָל זיך שוין מוזן שטראַכירן פֿון טויט“, שע, מנחם־מענדל. „וואָס איז שייך צו אמתער און אינהאַלטספֿולער ייִדישער דערציאונג, איז נאָך אַלץ נייטיק צו רעדן, א', צורעדן, איבעררעדן — קורץ צו פֿירן אַ דערציאונגס־קאַמפּאַניע“, שנ. 2. צום ב2: „חכמת הגיון דש איז דיא קונשט אום פֿון איין רעדין צו אב

שיידן דשׂ וואַר פֿון דשׂ און וואַר“, שאַר, סב/ב.
פֿאַרדרייען דעם קאָפּ און א אַז ער פֿאַרמאָגט
“
,

תּרפּ“ט אַלפֿים רײַניש“, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. 3. צום בּ3: “ליבּע קען מען נישט א', מורא קען מען נישט אויסרעדן“, שוו. 4. צום בּ4: „שלמהלע לאָזט זיך... א'... און איז דערווײַל מפֿסיק
אין לערנען“, ממוס, שלמה. 5. צום בּ :
“אײַנרעדנדיק דעס אַשמדאַי אַזוי, קריך איך מיר דערווײַל אַרײַן...„, ממוס, קליאַטשע.

מיט ז י ך — זיך א, פֿייגעלעך אין בּוזעם אאַזוו (← אײַנריידן, בּ2). *א, זיך אַ לונג־אונלעבּער אין טאָפּ (טעפּל) = וועלן (אָדער מיינען אַז מע האָט צום) עסן פֿלייש אָדער בּכלל עפּעס גוטס; מיינען אַז מע וועט האָבּן אויף אויסקומעניש. „דער מענטש וויל זיך א', ווי דער שטייגער איז, אַז נסים זײַנען געשען אויף דער וועלט“, ממוס, שלמה. “מענטשן זענען גאָרניט אַזוי נאַריש און ענגהאַרציק, ווי מיר ווילן זיך א, אין דער רגע פֿון אומצופֿרידנקייט„, פּה פֿון ווײַטע לענדער.

,

־ונג. ־עכץ. —ער (־ין, —קע). ־ערײַ.
אײַנרעדעניש — דאָס (די), ־ן. ←

אײַנריידעניש. ס'איז אַ דמיון, אַן א'. ,,אַן א, איז ערגער ווי (פֿון) אַ קרענק“, “א, איז אַזאַ קרענק וואָס צו איר איז ניטאָ קיין רפֿואה“, ,,דער ערגסטער אמת איז בעסער פֿון דער בעסטער א,,,, שוו.
איינרעדעריש — אַדי. וואָס איז בכּוח

אײַנצורעדן. וואָס איז אַזוי ווי בײַ אַן אײַנרעדער. פֿאַרשטייט איר עס דען ניט, — איז זײַן שטים
־ ,,
ווייכער געוואָרן און איינצײַטיק א'ער“, א. קאַהאַן, אינזשענערנג, קיִעוו 1932. —קייט.

אײַנרעזשיסירן

אײַנרעזשיסירן — סרוו. ־סיר אײַן, ~(גע)־ רעזשיסירט. אָנווײַזן און אײַנלערנען ווי צו שפּילן אַ פּיעסע, ווי זיך אויפֿצופֿירן. א, אַ פּיעסע. א, די לעצטע סצענע. ־ונג.
אײַנרעטושירן — טרוו. ־שיר אײַן, ~(גע)־ רעטושירט. אַ ביסל רעטושירן. א, עטלעכע

דעפֿעקטן פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע.
אײַנרעכט — דער, ־ן. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנרעכטן II. סדר. אײַנשטעל. אײַנפֿיר. שטייגער. ל2. אַ נײַער א'. ניט על־פּי דעם א'. 2. דזוו אײַנריכטונג (←).
איינרעכטן 1 — טרוו. רעכט אײַן, ~גערעכט.
-
דזוו אײַנריכטן I. א, די הענט. א, די קליידער. ,,(רחצתי את רגלי) אַז איך האָב שוין אָפּגעוואַשן מײַנע פֿיס, (איככה אטנ ם) — וו אַזוי
י

וועל איך זיי ווידער א'“, איבּז, הרבֿ א. ל. בּראַנדיס,)יח ספֿונים, אַס 1843. ,,אַ קראַנקער
י
טאַטע מעג ליגן אין שפּיטאָל און מיר נישט א, דעם סאַלאָן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. מיט ז י ך — ,,ער קלײַבּט סטעזשקעס... נישט אײַנצורעכטן זיך די אָפּגעפּוצטע שיך אין דער בּלאָטע,,, א. מ. פֿוקס.
אײַנרעכטן ll — טרוו. רעכט אײַן, ~גערעכט.

ל2. אָרגאַניזירן. אײַנשטעלן. בּאַשטימען. בּרענגען אין אָרדענונג. א, אַ וואַרשטאַט. „אַ לעבּן דאַרף מען קענען א', מע קען ניט לעבּן גלאַט אַזוי„, רײד (אומאַן). אויך מיט ז י ך ־ונג.

.

־עניש.

אײַנרעכענען — טרוו. ־כּן אײַן, ~גערעכנט.

1. אַרײַנרעכענען. אַרײַננעמען אין חשבּון. א, דעם חובֿ און די פּראָצענטן. *א, אין נ ד ן = איר, שפּאַסיק. אָנגעבּן קלײניקײטן ווי עפּעס וויכטיקס. א, אין נדן אַז דער מחותּן איז אַ מיוחס. א, אין נדן די פּאָליצעס און דעם טאָמבּאַנק. 2. אָפּנאַרן אין חשבּון, חשבּונען פֿאַלש. א אַז פֿון אײנס זאָל ווערן דרײַ און פֿון

,

דרײַ דרײַצן. מיט ז י ך — קזוו. זיך אויסרעכענען. זיך צונויפֿרעכענען. ־ונג. ־עניש.

אײנרעלס — דער, ־ן. אווו. 1. יעדע זאַך וואָס בּאַוועגט זיך אויף אַ רעלס פֿון אונטן.
2. אַ בּאַן מיט אײן פּאָר רעלסן.

אײנרעלסיק — אַדי. 1. וואָס האָט אײן רעלס. 2. וואָס די רעלסן האָבּן צו זיך ניט קײן פּאַראַלעלע פּאָר, און די בּאַן קען גײן

נאָר אין איין ריכטונג פֿאָרן מיט דער א'ער

.

באַן פֿון שטאָט אין פֿאָרשטאָט.

אײַנרעמלען — טרוו. ־מל אײַן, ~געריעמלט.

1. אַרײַנשטעלן אין אַ רעמל. א אַ בילדל.

,

2. אַרומצייכענען פֿון אַלע זײַטן (ווי) מיט

ליניעס. א, אַ צײַטונגס־נײַס. ־ונג.

אײַנרעמען — טרוו. רעם אײַן, ~גערעמט.

אויך: ~ראַמען. א, אַ בילד. „אָנגעשפּאַרט

די עלנבויגנס אָן די קניִען, אײַנגערעמט דעם

קאָפּ אין די הענט„, אָפּאַ, היברו. "דײַנע גלידער

טונקלען, די נאַכט רעמט אײַן דײַן קאָפּ„, יג.

*א, אין אַ גאָלדן רעמל = איר. מאַכן אַז עפּעס

וואָס האָט ניט קיין ווערט זאָל קריגן עפּעס אַ

ווערט. „מעגסט זי, ווי זי שטייט און גייט, א,

אין אַ גאָלדן רעמל„. ־ונג.

אײַנרעפּעטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ~(גע)־

רעפּעטירט. אײַנלערנען אַ ראָלע. אײַנחזרן

גרייטע ענטפֿערס. א, די ראָלע. א, די

ענטפֿערס פֿאַרן ריכטער ־ונג.

אײַנרעקרוטירן — טרוו. ־טיר אײַן, □־,(גע)־
רעקרוטירט. אַרײַננעמען פֿאַר רעקרוטן. א, פֿריִער די ייִנגערע ־ונג.

אײַנשאָבן — טרוו. שאָב אײַן, ~געשאָבן, ~געשאָבט. נאָר אַ ביסל אַרומשאָבן. א, מערן פֿאַר אַ צימעס.

אײַנשאַטן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. שאַט אײַן, □י.,געשאַט. ברענגען אַ ביסל שאָדן. ,,פֿיזישע אַרבעט וועט ד י ר ניט א',,.

אײַנשאַכטלען — טרוו. ־טל אײַן, ~ געשאַכטלט. אײַנפּאַקן אין שאַכטלען. א, די אָפּגעדרוקטע קאָנווערטן.

אײַנשאַכערן — טרוו. ־ער אײַן, ~ געשאַכערט. אײַנקויפֿן אויף אַ ניט־ערלעכן אופֿן (מצד דעם פֿאַרקויפֿער אָדער מצד דעם קויפֿער). ,,דער קונסט־הענדלער וועלכער האָט אײַנגעשאַכערט די געפֿעלשטע בילדער,,, טמז, 1967 □ 30.

אײַנשאַלטן — טרוו. שאַלט אײַן, □י.,געשאַלט. אײַנשליסן, אײַנלאָנטשען. א, ענערגיע. א, דאָס עלעקטרישע ליכט.

אײַנשאַלטער — דער, ־ס. אײַנשליסער,
אויסשליסער. „וואו איז דאָ דער א'?„.
אײנשאָליק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין
שאָל. „חיהלע פֿון מין ווייבלייַביקע, נאַקעטע
אָדער א'ע“, ייִפֿאַ, 4 ,1938.
אײַנשאַנצן — טרוו. שאַנץ אײַן, ~געשאַנצט.
אײַנרעדן מע זאָל עפּעס אָדער עמעצן אָננעמען
(בײַם קויפֿן, בײַם פֿאַרבינדן זיך מיט דעם אע)
ווי דאָס וואָלט זײַן אַ שאַנס, אַ גוטע
געלעגנהייט. א, בילדער פֿון אַ יונגן, דערוויַיל
אומבאַקאָנטן מאָלער. „— אויב יענער האָט
אײַנגעשאַנצט אין אַ נדן אַ פֿרעמד הויז איז ער אַ
שווינדלער„, באַש, פֿאָר, 22 1969 II. „בגראַנדע
געוואָלט א, זײַנע סטודיאַנטן אַז מיט זיי קאָן
מען מאַכן אינטערעסאַנטע סצענקעס“, הענעך
קאָן, טמז, 19 1968 IX. ־עניש.
איינשאַ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
--
פֿון אײַנשאַפֿן (זיך). „דאָס אַלץ וואָס איז
צוגעקומען ווי אַ נײַער א, בשעת די
געדעכענישבילדער האָבן זיך אַנטוויקלט ווײַטער אין
געדאַנקען„, מוו איבז פֿרויד, אַרײַנפֿיר אין
פּסיכאָ—

אַנאַליז.



איינשאַפֿונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנשאַפֿן (זיך). „נון וואַן דוא דיך ווילשׂט בּירימן אויף דײַני גילושׂטיגי איין שאַפֿונג“, בּע, ח/ג.

-

איינשאַסט — די, ־ן. נעאָל. דאָס ווערן און זײַן איינס. „הימל און ים וואָס האָבּן זיך צעשיידט נאָך אַ נאַכט אין א',„ ש. פּאָלאָנסקי, דרוס־אַפֿריקע, 137 No.

אײַנשאַרן

-

אײַנשאַפֿן — טרוו. שאַף אײַן, ~געשאַפֿן
(〰,געשאַפֿט). 1. אַרײַנקריגן, אַרײַנבאַקומען.
א, זאַכן, נחלות, גיטער. 2. אײַנקויפֿן. א,
בילדער פֿאַרן נײַעם הויז. 3. דערווערבן.
דערגרייכן. א, קענטעניש. 4. אײַנפֿירן.
אָרגאַניזירן. א אַ ביבליאָטעק פֿאַרן (אין) קלוב,
,
פֿאַראיין.
אָפּטער מיט ז י ך פֿאַר זיך. א, זיך וויסן,

כּבֿוד, אָנזען אע. א, זיך (אַ שלאַק פֿאַר) אַ ווײַב.
א, זיך פֿרײַנד, חבֿרים, באַקאַנטע. א, זיך אַ
חנוכּה־לאָמפּ. א, זיך כּלי־בית. א, זיך אַ פֿעלער.
,,זיא אין קצבֿים הויז לויפֿן גוט פֿלייש פֿון
רינדר אונ שאַף... אויף שבת ויום טובֿ...
זיך אײַן צו שאַפֿין", מ. א〰.זענשטאַט איבז, דרך
הישר לאבֿן בוחן, 1746. "קאָן זיך נור אײַן
שאַפֿן (ספֿרי, פֿון דיא בעלי־דקדוק) אודר איין
רבי דר איין מדקדק איז,,, אבֿן יסtראל, מעץ
1766. ,,ווער עס האָט זיך אײַנגעשאַפֿט חכמה...
ווערט אָנגערופֿן אַלט", ר, יעקבֿ מדובנא, משלי

חכמה, ווילנע תר,,ן. ,,די אַלע מידות טו□בֿות
זאָלסטו זיך בּיסלעכוויַיז א'“, קיצור חובֿות
הלבֿ□ות מיט עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844. ,,ער
האָט זיך אײַנגעשאַפֿט פֿאַרשיידענע פֿאַרוקן“,
אמד, נטע גנבֿ, ווילנע 1887 ־עכץ ־עניש.

. .

־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אײַנשאַצן — טרוו. שאַץ אײַן, ~געשאַצט.
1. אײַנשטעלן, בּאַשטימען אַ פּרײַז. א, סחורה
אין עטלעכע טויזנט רובל. 2. בּ□שטימען,
אָפּשאַצן דעם ווערט פֿון עמעצן. א, דעם
קאַנדידאַט ווי (פֿאַר) דעם גרויסן פֿירער אין די
איצטיקע שווערע צײַטן. 3. אַרײַננעמען אין
חשבון. אַרויסשטעלן (ווי) עפּעס וויכטיקס. א,
דאָס אָפּהיטן דעם טערמין. ,,בּעלי־בּתים וועלן
געוויס יעדערן א, די פּראָצענטן [= בּאָנוסעס]
אין נדן און וועלן געבּן ווייניקער שׂכירות“, די
□tכירות, לעמבּערג 1896. א, אין נ ד ן דער
כּלהס זכות־אָבֿות (דער כּלהס פּיאַנאָ ש□;ילן אע).
א, אין נדן אַז דער חתן איז פֿרײַ פֿו□ פֿריזיוו.

□

,,טאַטעס האָבּן עס אײַנגעשאַצט אין נ ד ן דאָס
די טעכטער קענען אַ מאַן מפֿרנס זײַן,,, אמד,

וויצן און שפּריצן. *א, אין נ ד ן — אויך: טאָן
פֿאַר עמעצן אַ קלייניקייט און דערנאָך קומען
מיט מאָנונגען. ־ונג — „די סאָציאַלע א, פֿון
גלײַכווערטיקייט און גלײַכבאַרעכטיקונג„, מוו,
דער וועג צו אונדזער יוגנט. ־עניש. ־ער
(־ין, ־קע). ־ערײַ.

אײַנשאָקלען — טרוו. ־קל אײַן, ,געשאָקלט.

1. אַ צײַט שאָקלען, וויגן. א אַ קינד אין וויג.

,

2. מאַכן אײַנגעפּרעסטער, קאָמפּאַקטער מיטן
שאָקלען. א, אַ זאַק קאַרטאָפֿל. 3.
אײַנטרייסלען און מאַכן איינהייטלעכער מיטן שאָקלען.
א אַ פֿלעשל רפֿואות. א, וואַסער מיט ווײַן.

,

א, (דאָס זעקל, די) ביינער, די קישקעס — גוט
זיך אויסטרייסלען בײַם פֿאָרן פּער אַקס איבער
אַ שלעכטן וועג. 4. אײַנוואַלגערן. א אַ

כאַ

לופֿע. מיט ז י ך. ־עניש.

אײַנשאַרן — טרוו. שאַר אײַן, ~געשאַרט.

אָרײַנשאַרן. צונוי קערן און פֿאַרשאַרן. א,
זשאַר אין אויוון. א, מיסט אין ווינקעלע. א,

אײַנשאַרפֿן

בּולבּעס אין זאַק. „מיט פֿרעמדע הענט איז גוט הייסע קוילן אײַנצושאַרן„. שוו. *א, ג אָ ל ד = פֿאַרדינען אַ סך. מיט ז י ך — א, זיך שטיל אין שטובּ אַרײַן.

-

איינשאַרסן — טרוו. שאַרף אײַן, ~געשאַרפֿט.

--

1. מאַכן שאַרף, שאַרפֿער. א אַ מעסער, אַ

,

קאָסע. א, דעם חלף. 2. מאַכן בּולטער, שטרענגער, שפּיציקער, קריגערישער. א, די דעבּאַטע. א, דעם ענטפֿער (צו) דער אָפּאָזיציע. „דער הײַנטיקער פּאַפּסט האָט אין אַ בּולע 1847 גאָר איבּערנײַ אײַנגעשאַרפֿט דאָס סעליבּאַט", קמ, 3 .12 1866' No. פֿעסט אײַנלערנען. אײַנקריצן. עפּעס אײַנוואָרצלען אין אַ מענטש. מאַכן עס זאָל איבּערלאָזן אַ טיפֿן רושם. „און זאָלסט זיי [די ווערטער] א, [,ושננתּם'] דײַנע קינדער", תּי, דבֿרים, ו, 7. א, אין ז כּ ר ו ן , אין מוח,

אין קאָפּ אע.   מיט ז י ך.   ־ונג — "עס
מעג איבערגעחזרט ווערן פֿאַר אַ שטאַרקערער
א'", בּ. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע
־עניש.
איינשבּרן — [... שאַבערן] אוטוו & טרוו.
 ־

שבּר איַן, ~געשבּרט. 1. (גנבֿים־לשון)
איַנבּרעכן. אַריַנבּרעכן זיך. א אַ פֿענצטער. א, אין
,
אַ רייַכער דירה. 2. אַריַנקריגן, צונויפֿנעמען
איבערגעלאָזענעם פֿאַרמעגן (בּעת דער צווייטער
וועלט־מלחמה).

 ־
איינשבּיען — [... שעוויען] טרוו. שבֿיע איַן,
 ־

 י.,געשבֿיעט. <שבֿי, איכה, א, 5, 18 אאַ. (אין
פֿאַרשטעלטן לשון איַנישבֿענען) איַנשפּאַרן אין
תּפֿיסה. א, דעם בּחור מיטן פֿאַלשן פּאַפּירל.
איַנשדכנען — [... שאַדכענען] טרוו. שדכן
איַן, ~געשדכנט.   1. צונויפֿפֿירן אַ שידוך.
אָפּט איר. איַנשלייערן. א אַ קאַליקע. א אַ

, ,

מוידישטשע. א, אַ פּאָטשעטשע פֿאַר אַ
קראַסאַוויצע. 2. צונויפֿברענגען צדדים אין אַ
מסחר, ענין. אָפּט איר. א אַ שותּף אַ דרייער.

,
3. אײַנרעדן מע זאָל אײַנהאַנדלען. א, אַ וואַגאָן
תּבֿואה. א, בבֿל. מיט ז י ך — א, זיך אַן
איידעם אַ צאַצקע.
אײַנשובֿן — אוטוו & טרוו. שובֿ אײַן, ~
געשובֿט. פּר, גאַליציע. ['אײַנרוקן'] אַרײַננעמען
אָדער גיין אַליין אין מיליטער. א, די געזונטע
בחורים. מיט ז י ך — „ייִדן האָבן זיך
גענומען א', געמיינט זיי האָבן געפֿונען אַ צווייט
ארץ־ישׂראל“, אָפּאַ, ייִדן־לעגענדע. איינשובֿ
-
— דער. דער א, אין מיליטער. די צײַט פֿון א'.

אײַנשוואַרצן — טרוו. שוואַרץ אײַן, ~
געשוואַרצט. 1. מאַכן אַ ביסל שוואַרץ. א אַ
,
געוויסן פּונקט מיט שוואַרצער פֿאַרב. 2.
אײַנבּרודיקן. אײַנשמוציקן. א, דעם קאָלנער.
3. שטאַרק באַליידיקן, זידלען. א, יענעם דאָס
פּנים. 4. מאַכן אַז עמעצער זאָל אויסזען
שלעכט, שוואַרץ. א, עמעצן מיט רכילות. מיט
ז י ך. ־ונג.

איינשווייגן — שווײַג אײַן, י.,געשוויגן.
-- --

אוטוו — 1. פֿאַרבלײַבן שטיל. אָפּרעדן און א'.
2 פֿאַרשווײַגן; ניט רעאַגירן. "עטלעכע
זיל.
בערנע לעפֿל... אַרײַנגעלייגט אין קעשענע און
געוואָלט אַוועקגיין. דאָ האָט שוין דער גבאי

ניט אײַנגעשוויגן: ,,וואָס טוסטו?,, — האָט ער
געפֿרעגט מיט כּעס", ש. בר־כּוכ א, אַ נ .ע
אַמעריקאַנישע הגדה..., ווילנע 1900. ,,דאָ
האָט שוין ראובֿן ניט געקענט א'; ער האָט זיך
דורכגעקוועטשט צווישן עולם צום אויבן צו

און האָט אויסגעשריִען אויפֿן קול,,, די מע)ה
פֿון פֿיער בּרידער, זשענעוו l904.
טרוו — 1. מאַכן אַז מע זאָל שווײַגן. א אַן

,

עולם. ״זײַן זיכערער טאָן האָט אַלעמען
אײַנגעשוויגן,,, מ. שטריגלער, אינדזלען אויף דער
ערד. 2. ניט אַרויסבּרענגען. מאַכן עס זאָל
בּלײַבן ניט אויסגעדריקט. ,,ער שווײַגט ניט אײַן
אין זיך דעם נײַעם פּייזאַזש,,, יג, איק, 1958
13 I. ,,אָט מיט דער אייבּיקייט וועל איך א,
מײַן ווערטערדיק, לעצטיק טראַכטן״, מאַטעס
דײַטש, לעצטע לידער.
־ונג. —עניש.
אײַנשווייסן — טרוו. שווייס אײַן, ~
געשווייסט. 1. אײַנשמעלצן און (צום טייל)
צונויפֿשמעלצן. א אַן אײַזן מיט אַן אײַזן. א אַ

,

פּאָר רערן וואָס האַלטן זיך ניט. 2. מאַכן עס
זאָל ווערן דורכגעזאַפּט מיט שווייס. א, דאָס
העמד.
אײַנשווינדלען — טרוו. ־דל אײַן, ~
געשווינדלט. 1. אַרײַנקריגן עפּעס מיט אַ שווינדל.
א, געלט. א, אַ גאַנצן פֿאַרמעגן. 2. אַרײַננאַרן
עפּעס וואָס האָט ניט קיין ווערט. א, אַ גלעזל

אַנשטאַט אַ בּריל אַנט —עניש.
י .
אײַנשוו(י)ענטשען — טרוו. ־טשע אײַן,
י.,געשוו(י)ענטשעט. סל. וועגן אַ קריסטלעכן
ריטואַל — דערקלערן אַז עס איז הייליק,
בּאַשפּריצן מיט אַ געהייליקט וואַסער. ,,אַ ייִנגל
האָט דערציילט אַז דאָ האָט זיך בּאַוויזן פֿאַר
אים די הייליקע מאַריִע. האָט מען
אײַנגעשוויענטשעט אָט דאָס אָרט‟, רייד (נ"י, 1950).
אײַנשוויצן — שוויץ אײַן, ~געשוויצט.
אוטוו — אָנהייבּן שוויצן. אַרבּעטן מיט אַלע
כּוחות און א'. מיט ז י ך — זיך א, און
פֿאַרקילן זיך. ‟גייסט [זיך] דורך אַ בּיסל
... שוויצסטו זיך אײַן ווערט נאָכדעם נאָך
קעלטער‟, שטערן, מינסק 7 1940, No־8 טרוו
— דורכנעמען מיט שוויס. א, דער קאָלנער.
ליגן אין פֿיבּער און א, דאָס העמד. ־ונג.
־עניש.
אײַנשוועכן — טרוו. שוועך אײַן, ~געשוועכט.
1. שוואַכער מאַכן. א, דאָס געזונט מיט שווערער
פּראַצע. 2. געבּן אַלקאָהאָלישן געטראַנק.
אײַנשיכּורן. ‟האָט זיך אונדזער גליקע
אײַנגעשאַפֿט אַלערליי משקה... און פֿלעגט דעם
ר, שואל א, אַ פּאָר מאָל אין טאָג‟, אמד, די

שטי מוטער, וואַרשע 1864. מיט ז י ך —
"דער עולם האָט זיך איינגעשוועכט", יד,
הנאהבים והנעימים III.

איינשווענקען — טרוו. שווענק איין, ...,,
געשווענקט. 1. עטלעכע מאָל איינטונקען אין
וואַסער, אין אַ פֿליסיקייט בכלל. א, גרעט בײַם
טײַך. א, אַ שטיקל האָלץ און ערשט דערנאָך
האַמערן אויף דעם. 2. דזוו אונטערשווענקען,
. 78.

איינשהורן

איינשווערן 1 — [לאַנגע ע אין פּד] טרוו. שווער
איין, ~געשוואָרן, ,געשוואוירן. געבן אַ
שבֿועה פֿאַר אַ ריכטער אָדער בײַם דורבסירן
די צערעמאָניע פֿון אָננעמען אַן אַמט. א אַן
,

עדות. א, די נײַע באַאַמטע. א, דעם ריכטער.
א, דעם פּרעזידענט, די סענאַטאָרן אע. אויך
מיט ז י ך. —ונג — "אַ מין קעניגלעכע א'",
נאַד. ־עניש. ־ער.
איינשווערן ll — [לאַנגע ע אין פּד] טרוו.

שווער אײַן, ~געשווערט. אויך: ׳.י,,
שווערִיקן. מאַכן שווער(ער). א, עמעצן דאָס לעבן.
איינשויפֿלען— טרוו. ־פֿל אײַן, ׳י.,געשויפֿלט.
-
דזוו אײַנשופֿלען ←. ״יעדן אַנדערן טאָג פֿלעגט
ער די קוילן א, מיט אַ זילבערנע כּלי״, כּבֿ ונקי
איבֿז, משניות, לעמבערג 1872.
אײַנשולדיקן — טרוו. ־דיק אײַן, ~
געשולדיקט. 1. מאַכן פֿאַר אַ שולדיקן.
אַרויסקומען מיט אַ בּאַשולדיקונג און זי דערווײַזן. א,
עמעצן אין ניט־ערלעכקייט. 2. מאַכן מע
זאָל ווערן אַ בעל־חובֿ. געבן כּסדר אויף
קרעדיט און א, דעם קונה.
געוויינלעך מיט ז י ך — 1. ,,און ווען אויך
דאָס דו דיך ניט דורך שלעכטע מעשׂים
אײַנגעשולדיקט האָסט״, ר, הילל ליכטענשטיין, עת
לע׳tות II, סאַטמאַר תּרל״ב. 2. ווערן אַ
בּעלחובֿ. ״בּין זונשׂט אַך שולדיג וואשׂ איך מיך
האבּ איין גישולדיגט אין איינר זעלכי שווערי
צײַט,,, פּראָגבּ, 46. ,,קהלות וגלילות שולדיקן
זיך אײַן בּײַא פֿריצי, און, גלחת״, 'כּרוז יריד
גראמניץ', תּל״א — 1671 [י. היילפּרין, ועד
אַרבּע ארצו׳]. ,,ער וואַר זיך נעבּיך אײַן

שולדיגין דאז ער דיא לײַט ניט ביצאלין קונט,,,
גה, 39. ,,קוים גײט אַוועק אַ קורצע צײַט וואָס
זיי פֿאַרדינען ניט... שולדיקן זיי זיך אײַן,
פֿאַרזעצן משכּנות און קענען זיך דערנאָך
ניט אויסצאָלן“, ארז, קמ, 18 1865, No.
־ונג.
אײַנשולדן — טרוו. שולד אײַן, ~געשולדט.
אַרכ. דזוו אײַנשולדיקן זיך. דעבּיט[ירן], אײַן
שולדן, יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774.
איינשופֿלען — טרוו. ־פֿל אײַן, ~געשופֿלט.
-
אײַנשיטן מיט אַ שופֿל. אײַנזאַמלען. א,
קערנער. א, תּבֿואה אין שײַער.
אײַנשורשן — [... שוירעשן] טרוו. שורש
אײַן, ~געשורשט. אײַנוואָרצלען. א, די
אַריבּערגעקומענע אין דער נײַער סבֿיבֿה. מיט
ז י ך — ,,ער האָט זיך... אײַנגעשורשט אין
ישׂראלדיקן עמק“, א. הגלילי, פֿאַש, 15 1961 IX.
אײַנשושקען — טרוו. ־קע אײַן, ~
געשושקעט. שטילערהייט שעפּטשענדיק עפּעס (אײַנ)־
זאָגן. א, עפּעס אין אויער. “שוסקעט אים אײַן
דער שדכן, איך וועל דיר אויסזאָגן...,,, ר, יעקבֿ
מדובּנא, משלי חכמה, ווילנע תּר“ן.
אײַנשהורן — [... שאָכערן] טרוו. שהור אײַן,

~געשחורט. (אין פֿאַרשטעלטן לשון) 1.
אײַנשוואַרצן. א, דאָס אָפּגעריבענע שטיק מעבל.
2. אײַנמסרן. א, אַ געוועזענעם חבֿר. 3.
פֿאַרשוואַרצן, שאַפֿן אַ שלעכטן נאָמען. א אַ פֿײַנעם
,

בעל־הבית מיט אַ בלבול.

אײַנשטאָטיקן זיך

איינשטאָטיקן זיך — אוטוו ־טיק זיך אײַן,
—
.
זיך ~געשטאָטיקט. םטוטש. זיך
אורבאַניזירן. איבערנעמען די הנהגות פֿון אַ שטאָטישן
תּושבֿ. שטעטלשע ייִדן האָבן גיך זיך
אײַנגעשטאָטיקט.
איינשטאַטקעווען — טרוו. ־קעווע אײַן,
--
~געשטאַטקעוועט. אײַנלערנען,
אײַנגעוואוינען צו זײַן, זיך צו פֿירן סטאַטעטשנע. א, די
צעלאָזענע יונגען. געוויינלעך מיט ז י ך

איינשטאָך — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רע־־
זולטאַט פֿון איַינשטעכן (זיך). אַן א, אין אַ זאַק
מיט סחורה. „אַן איַינבּרוך און אַן א, אין דיַינע
ביינער„, ע. בּ. [עוזר בּלאָשטיין], ווילנע, וויכנא דוואָשע,
ווילנע 1893. 2. אַ לעכל אין אַ גומענער ראָד.
א ו.
איינשטאַלירן — ← איַינסטאַלירן.
-
איינשטאָלן
— טרוו. שטאָל איַין, ~געשטאָלט.
--
מאַכן אַזוי ווי שטאָל. א, דעם ווילן זיך ניט
אונטערצוגעבּן. מיט ז י ך.
איינשטאַמיקן — טרוו ־יק איַין, ~
געשטאַ—
.
מיקט. נעאָל. אַריַיננעמען, איַינגלידערן אין
שטאַם. א, דעם פֿרעמדן. מיט ז י ך.
איינשטאַמפּירן — טרוו ־פּיר איַין ~(גע)־
—
.
שטאַמפּירט. ← דוווו (טעאַטער־לשון)
איַינשטעמפּלען עמעצן בּלויז אויף איין מין
שטייגער שפּילן. „מע האָט אים שוין
איַינשטאַמפּירט אין ראָלן פֿון אַ שיכּור“. אויך מיט

ז י ך.
איינשטאַמפּן — טרוו. שטאַמפּ אײַן, □ י,,

געשטאַמפּט. אויך: □ ...,,שטאַמפּעווען. 1.
אײַנדריקן, אײַנקריצן מיט אַ שטאַמפּ. א, איניציאַלן,
צייכנס. 2. אײַנדריקן. מאַכן פּלאַטשיק. א,
דעם אָנגעשאָטענעם זשוויר. א, ליים. ,,איין
לאַנד איין ליימינדיגש, אודר זאַנדיג, דז מן מיט
דיא פּיס טיף איין שטאַמפּט,,, סהמ, מלכים א,
ה, 13.
איינשטאַנד — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזול

□
-
טאַט פֿון אײַנשטיין (זיך). דאָס וואָס עס
באַקומט זיך ווען עס שטייט זיך אײַן אַ לענגערע
צײַט. אַ געדיכטער א, אונטן, אין פֿלאַש ווײַן.
(גימנאַסטיק) דאָס בלײַבן פֿאַרגליווערט אין
אַ ספּעציעלער פּאָזיציע. דעם א, אויפֿן באָק
האָבן ניט אַלע געקענט.
איינשטאַנצן — טרוו. שטאַנץ אײַד, ~

געשטאַנצט.   אַרײַנקלאַפּן מיט אַ שטאַנץ. א,
אויף די אויסאַרבעטונגען דעם נאָמען פֿון
לאַנד ־ונג.

.

איינשטאָפּן— טרוו. שטאָפּ אײַן, , געשטאָפּט.
--

אַרײַנשטאָפּן, אַרײַנרוקן. אָנפֿילן מער ווי מע
דאַרף. א, טאַבעק אין די גילזן. א, אין זאַק
צו פֿיל בעטגעוואַנט. א, אין קינד וואָס מער
שפּײַז. „מע דאַרף דאָס נײַ־געבאָרענע קינד
דורכויס ניט א, אין וויקעלעך, ווי אונדזערע
עלטערבאָבעס האָבן זיך נוהג געווען„, דר, מ.
גאָטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע,
וואַרשע 1908. מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
איינשטאָקיק — אדי.   וואָס איז פֿון (האָט)
איין שטאָק. אַן א'ע שטוב. „אין ארץ־ישׂראל

1229

די הײַזלעך — א', מיט בלומען אין הויף„, אַר,
'אין ארץ־ישׂראל'. „ייִדישע בעל־מלאָכות האָבן
זיך געקליגט אַן א, געבײַ פֿאַרוואַנדלען אין
צוויי, כּדי צו פֿאַרטאָפּלען די צאָל פֿלעצער„,

נס, מישפּאָכע מאַשבער.
איינשטאָרכען— טרוו. ־כע איַין, ~
געשטאָר־־
כעט. אַרײַנשטויסן. אַרײַנשטעכן. א, אַ מעסער
אין זײַט. א, מיטן עלנבויגן.
איינשטאַרקן — טרוו שטאַרק איַין, ~
גע־־
שטאַרקט. מאַכן שטאַרק(ער). א, די וואַנט זי
זאָל ניט חלילה פֿאַלן אויף עמעצן. א, דעם
אָקעוויט. א, דעם אָפּגעשוואַכטן מיט געבראָטענע
עופֿות. א, אין עמעצן מידות טובֿות. מיט
ז י ך. ־ונג.
איינשטובּיק — אַדי. 1. איינצימערדיק. וואָס
האָט נאָר איין צימער. א'ע דירה. 2. וואָס
איז אין דער זעלבּיקער שטוב. א'ע שכנים.
3. (וועגן געוויקסן) א'ע געוויקסן,
איינגעשלעכטיקע, וואָס בײַ זיי געפֿינען זיך די מענלעכע
און ווײַבּלעכע פֿאַרמערונגס־עלעמענטן אויף
איין אָרט. [צו אָט די געוויקסן געהערן אַ צאָל
בּיימער, די געוויקסן וואָס האָבּן ניט קיין
בּלומען פֿאַרשיידענע מאָכן און וואַסער־געוויקסן.]
,
איינשטודירן — טרוו ־דיר איַין, ~(גע)

שטו—

דירט. אַ צײַט אײַנלערנען, צו קענען גרינטלעך און אויף לאַנג. א, ◌ון אויס(נ)ווייניק. א, עפּעס מיט עמעצן. א, יעדער נײַ וואָרט. א, אַ ניגון. א, די ראָלע. „ער [דער חתן] האָט געזאָגט אָ דרשה וואָס דער בעלפֿער האָט מ י ט אים וואָכלאַנג אײַנגעשטודירט“, ארז, קמ, 5 1866, No. מיט ז י ך. ־ונג.

איינשטויבן — טרוו. שטויב אײַן, ~ גע־־ שטויבט. לאָזן פֿאַלן שטויב אויף עפּעס. א, די ביכער. גיין אין אַ ווינטיקן דרויסן און א, די קליידער. „איר וועט אײַך א, מיט דעם גאָלדענעם שטריי־זאַמד“, א. פּאַוויר איבז, בחינות עולס, זשאָלקעוו תּקס״ה. מיט ז י ך. ־ונג.

איינשטויס — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רע־. זולטאַט פֿון אײַנשטויסן. א, פֿון פֿעפֿער. 2. טייל (אָרט) אין אַ ברויט וואו עס איז אײַנגעסאַלן, וואו עס איז דאָ אַ פּאַרטיפֿונג. „בוצע ־

בפּת... לא במקום סדק ולא במקום שנקרא איין שטו״ס ויחתּך מעט מצד העליון“, קיצור

של,,ה, כג/ג.

איינשטויסן — טרוו. שטויס אײַן, □,
גע□־
שטויסן. 1. צעשטויסן. א, צימרינג. א, מצה
אויף מצה־פֿאַרפֿעלעך. 2. אַרײַנשטופּן. א,
עמעצן אין ווינקל, אין אַ פֿינצטער צימער. "ער
[יוסף] אים [בנימינען] האָט זײַן בעכיר איין
גישטוסן אונ, האָט אים (בנימינען) צו איין
גנבֿ גימאכט,,, צאינה, ויגש. 3. אַרכ.
אײַנ□
וואַרפֿן. דורכבּרעכן. ,,דיא פּפֿאָרטן וועלן זיא
איין שטושׂן", ווינץ, ז, 8.

איינשטומען — שטום אײַן, ~געשטומט.
-
אוטוו — 1. אויפֿהערן צו רעדן, זינגען, שרײַען
אע. א אַז מע זאָל קיין פּיפּס ניט הערן.

,
2. רעזיגנירן פֿון אַקטיווער טעטיקייט. א', ניט

אײַנשטיין

ווײַזן זיך אויף פֿאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע.
3. שטאַרבן. א, אויף אייביק.

טרוו — 1. ניט לאָזן רעדן. מאַכן עמעצן שטום. א, דעם שרײַער. „ווער הוט גיטון אײַן שטומן, ווער האָט גימכט פֿרעה איין שטומר“, טח, שמות, ד, 11, רשי. 2. אײַנשטי ן, מאַכן מע זאָל ניט אַרויסברענגען, ניט אויסדריקן. „עס רעדט צו אונדז אַן אָנגעפֿילט האַרץ, וואָס מוז נאָך אַ סך מער איבערלאָזן, אײַנהאַלטן, א, אין זיך„, בעמ יI. „אַרויסגעבראָכן אין אַ גרויסן יאָמער, וועט... אַפֿילו גאָט נישט קענען זי א׳“, ש. טענענבוים פֿאַש, 26 X 1951.

מיט ז י ך. ־עניש.

איינשטומפּיקן — טרוו ־יק אײַן, ~געשטומ— .
פּיקט. מאַכן אַ ביסל שטומפּיק. א, די האַק, דאָס מעסער.

אײַנשטופּן — טרוו. שטופּ אײַן, ~געשטופּט. אַרײַנשטופֿן. א, אין זאַק אַ סך זאַכן. א, עמעצן אין אַ ווינקל. מיט ז י ך. ־עניש.

אײַנשטוק — דער, ־ן. אַרכ. דאָס וואָס מע שטיקט, מע האַפּט אײַן. „די גאָלד שמיטן... פֿר שטיהן דשׂ זילבר אונד גאָלד צו שטרײַכן און דען אײַן שטוק, וואָן זיא נור וערן

גשײט...“, דוד מוזיקוס, ‫אײן שײך ליד פֿון
די הנד ווערקש לײט,, 1775? [פֿש I].
אײנשטוקעווען — טרוו. ־קעווע אײן, ~
געשטוקעוועט. פּפֿ: ~שטיקעווען. 1.
אַרײַנגעבן אַ שטיק פֿאַרריכטן. א אַ קלין אין
מל. ,
בּוש. 2. אײַנשפּאָרן מאַטעריאַל בײַ אַן
אַרבעט. אויסקאָמבינירן עס זאָל איבערבלײַבן.
א, ייִתּור. א אַ פּאָר פֿעלעכלעך פֿון אַ
פּרי,
צישן פֿוטער. 3. צונויפֿשטוקעווען און
אַרײַנשטעלן. מאַכן פֿון שטיקעלעך. א, אַ שויב פֿון
שטיקלעך און ברעקלעך. א, אַן עק מיט אַן עק.
א אַ צעבראָכן לעבן.

,
אײַנשטײַגלען — טרוו. ־גל אײַן, ~
געשטײַגלט. א‫וו. אַרײַננעמען, אײַנשליסן אין אַ
שטײַג(ל). א, די קאַנאַריקלעך.
אײַנשטײַגן — אוטוו. שטײַג אײַן, ה אָ בּ &
בּ י ן ~געשטיגן, ~געשטײַגט. 1.
אַרײַנזעצן זיך. פּר. גאַליציע. א, אין קאָטש, אין
בויד, אין וואַגאָן. ,,גלײַך איז אַן עקיפּאַזש
פֿאַרשאַפֿט געוואָרן. מאָריץ מיט שׂרה זענען

איינגעשטייגט,,, שח״ר דער שרעקליכער חלום, לעמבערג 1898. ,,איינגעשטיגן אין דער טעקסי',,, א רובינשטיין איבז, ש. י. עגנון, טמז, 1967 2 .17 II. אַרכ. אַרײַנדרינגען. ,,יום ראשון של ר״ה איז בלילה איין גשטיגן איבר דער מויאר י,,ב היידוקן״, פּב, 1588 [השׁ II]. ,,וואָלטן דיא שבנים אײַן שטײַגן אונ, גנבֿן,,, טח, שמות, לד, 24, מדרש. ,,זיא וואָלטן מיט אַנדר אין דיא קאַמיר אײַן שטײַגן״, מבֿ, מעשׂה קעא [אַווע III].
אײַנשטיין — אוטוו. שטיי אײַן, ~געשטאַנען
-
[ה אָ בּ בלויז אין רר פֿון לד: דענעבאָרג, גראָדנע, ביאַליסטאָק און אומגעגנטן]. 1. שטיין אַ לענגערע צײַט אויף איין אָרט. א, ווי אַ פֿייגעלע אויף אַ צווײַגעלע. א, ווי אַ ק נצנמאַכער אויף אַ דראָט. א, אויפֿן שמאָלן ברעטל איבערן וואַסער און ניט אומפֿאַלן.

אײַנשטיין

2. מיט נ י ט. ניט קענען בלײַבן רואיק. ״אַ קינד זאָל ניט קענען א'!״ — אָפּטער אויסדרוק פֿון עלטערן, ווען דאָס קינד פֿירט זיך ניט סטאַטעטשנע. ״הצלחה איז אַ וואַסער און

וויל ניט א, אויף איין אָרט,,, שוו. ,,עס לאָזט
מיך שוין נישט מער א'!,,, עט, לידער. ״די
צרות לאָזן אונדז ביידע ניט א, אויף איין אָרט
און מיר לאָזן זיך גיין וואוהין די או□גן קוקן,,,
ממוס פּישקע. ,,קאָן... ניט א,... שרײַט ער

,

הויך אויף אַ קול״, אי. דרוקער, קלעזמער,
קיִעוו 1940. ,,די אויגן איבערגעשראָקענע זענען
ניט אײַנגעשטאַנען, געבעטן הילף״, אָפּאַ, די
טענצערין. *ניט קענען א, אויף די פּ י ס =
א) זײַן זייער שוואַך פֿאַרמאַטערט; בּ) זײַן

,

שיכּור. ,,אַרויס פֿון שפּיטאָל, אָבער נאָך אַלץ
ניט געקענט א, אויף די פּיס״. ,,איינער... מיט
אַ גראָבער רויטער נאָז... האָט ניט געקענט
א, אויף די פּיס,,, ממוס, ווינטשפּ.
3. ווײַטער בלײַבן וואו מען איז, ווי עס איז
(געוויינלעך מיט נ י ט). ניט קענען א, אין
הויז איבערן רויך. ניט א, מחמת דעם שלעכטן
ריח. ,,ווער עס וויל א, אין אַ תּפֿלה דער מוז
שמעקן ווײַרעך״, שוו. ״לעבן אַ בעל־תּשובֿה
קען מען (קען אַפּילו אַ צדיק גמור) ניט א'״,
שוו. ״אין קיין שום שול טאָר עס [= אַזאַ
אָרדענונג] ניט א'״ פּאָר, 21 1962 IX.

4. בלײַבן אין אַ ווערטיקאַלער פּאָזיציע. אַ
צאַצקעלע, אַ שפּילכל וואָס שטייט ניט אײַן.
,,אַ ליידיקער זאַק שטייט ניט אײַן, ער מוז
זיך אונטערלייגן“, שוו.

5. וואוינען אַ קורצע צײַט. זײַן אַ גאַסט,
האַלטן סטאַנציע. א, שטענדיק אין דער
זעלביקער אַכסניה. א, בײַ אַ קרובֿ. א, אין אַ
ווירטי
הויז (ווערטסהויז). א, בײַם פֿרנס־חודש. א, בײַ
אַן איש כשר וישר פֿאַרבעטן די בחורים צום

—
.

חתן וואָס איז געקומען פֿון דער פֿרעמד און
איז אײַנגעשטאַנען אין דעם חופּה־טאָג בײַ
איינעם פֿון דער כלהס משפּחה. “מעכט איין רבֿ
קוממין אַדר איין רופֿא — מעכט... אצל אחד
מבני קהלתנו אײַן שטעהין“, 'תּקנות פֿון
פּראָגער חבֿרה־קדישא,, 1962

-c , . d .-]

[c]. “אויך ווען מן זיא פֿראגט וואשׂ דאשׂ

פֿר הרבֿריג ווער וואו זיא פֿלעגן איין צו שטיאן“, עיון, יז/ב. „אַלזו האָט ער מורא גיהאט איין וואַרט צו רידן אונ, איז גנגן איין שטין בײַא דעם רבֿ„, t ה, ג/א. „אַ יאָר דרײַסיק אין דעם איז בײַ אים אײַנגעשטאַנען איינער... פֿון שבֿט שמעון“, ממוס, מסעות. „די שׂמחה פֿון אַ פּראָסטן מענטש, ווען... אַ מלך פֿון פֿלייש און בלוט... שטייט אײַן... אין זײַן הויז“, תּניא,)1.

6. לעבֿן בײַ עמעצן (וועגן אַ צוגעקומענעם פֿון דער פֿרעמד). א, בײַם נגיד פֿ אַ ר אַן איידעם. „די מאַמע האָט געוואָלט איך זאָל א, בײַ רבֿ אַבֿרהמלען פֿאַר אַ שנור“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. „.... ר, יצחק לוריא איז אײַן גישטאנדן בײַא איין בעל הבּית וואשׂ איין איש כּשר איז גיוועזן“, קה פּיורדא 1743, ט, 1.

,

“ווייס איך... אַז דו שטייסט אײַן בײַ טבֿיהן פֿאַר אַ פֿערד„, שע טיה.

123()

7. זיך געפֿינען ערגעצוואו. „היי שטייט בײַ

אונדז אײַן אַ גאַנצן װינטער אױפֿן בוידעם פֿון שײַער,.. „עס שטײען אײַן בײַ אים אין שטאַל עטלעכע פֿערדלעך“. ”עס (גע)װענדט זיך װאו דער חמר שטײט אײַן [חמור = אײזל, חמר = װײַן] איז עס אין שטאַל — איז עס אַן אײזל, איז עס אין קעלער — איז עס װײַן“, פֿוול.
8. זײַן אַ שטענדיקער שטריך פֿון כאַראַקטער פֿון אױפֿפֿיר. דער צעטראָגענער קאָפּ

,
שטײט בײַ אים אײַן. ”דער יצר־הרע שטײט בײַ אים אײַן“ [מיט אַ גראָבױנגישן צוגאָב: „נו, שטײט ער בײַ אים“]. *דער שד (טײַװל, ניטגוטער) שטײט בײַ אים אײַן = ער איז אַ פֿאַרדאָרבענער, זײער אַ שלעכטער. אַזאַ קאָפּ קען א, נאָר בײַ (פּראָפֿעסאָר) אײַנשטײן(ען) — איר װערטל. *א, א י ן עמעצנס אױגן = אָפּגעשאַצט װערן פֿון עמעצן. א אַ ליגנער (דרײער

,
אע) אין אַלעמענס אױגן.
9. זײַן אין רשות פֿון עמעצן. א, אין גוטע (שלעכטע) ה ע נ ט. „אַלץ װאָס קומט פֿון דער פֿרעמד קען נאָר א, בײַ נגידים (יחסנים, גרױסע לײַט) אין די הענט“, שװ. „פֿריִער איז די חבֿרה־קדישא אײַנגעשטאַנען בײַ גאַנץ

ערלעכע ייִדן, בײַ די זקני־העיר,,, קמ, 1867, No
36. ,,אַזאַ טײַערע מידה ווי דאָס חסידות איז
אַמאָל געווען דאַרף א, בּ□ אַזעלכע יונגאַטשעס
י

ווי דו בּיסט‘‘, זבֿ, דער קליינער כּל־בּוניק,
אַדעס 1885. ‘‘ווען זי זאָל א, בּ□ אַ געבּאָלבּעטן
י
[איר, געבּילדעטן] מאַן, וואָלט זי גערעדט רוסיש
אָדער פֿאָלניש‘‘, בּ. בּעקערמאַן, זבֿ, דער
יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895.
1O. גאַראַנטירן פֿאַר עמעצן. אײַנשטעלן
-
זיך. א, פֿ אַ ר אַ בּעל־חובֿ. ‘‘איך קען אים
ניט גענוג און קען ניט א, פֿאַר אים‘‘.
11. לאָזן שטיין אַ געוויסע צײַט (ניט רירן,
ניט ניצן), עס ווערט דערבּײַ אַנדערש. ,,די מילך
וועט א, — וועט ווערן זויערמילך, וועט פֿון
אויבּן זײַן שמאַנט‘‘. ,,די מילך דאַרף א', וועסטו
גרינג אַראָפּנעמען די פֿלעווקע‘‘. ‘‘די וואַרעניע
איז צו לאַנג אײַנגעשטאַנען און איז
פֿאַרצוקערט געוואָרן‘‘. ,,די גריץ איז אײַנגעשטאַנען
[פֿון שיטער געוואָרן געדיכט], געוואָרן

פֿאַרטאַמעוועט,,, י▯ראל קאַפּלאַן.

12. אַקוזוו. דזוו בּ1 1. לאָז א, די מילך, די גריץ.

13. אַקוזוו. אין אַ צאָל אויסדרוקן. א, אין די א ו י ג ן = זאָגן אָפֿן, דירעקט, גלײַך אין פּנים אַרײַן. א, דעם (בּיטערן) אמת, דעם (מיאוסן) ליגן אין די אויגן. א, אַ ג ר אַ נ ד ע אין די אויגן = זאָגן אַ גראָבן, ווילדן ליגן; ועלן אײַנרעדן ניט־געשטויגנס. *א, אַ לינקן שטומפּ = (גנבֿיש) פֿאַרמסרן.

מיט ז י ך — "דאָס געקעכטס איז זיך אײַנגעשטאַנען און איז געוואָרן פּאַפּע. גיי, עס פּאַפּע!,,. ,,דער שניי וועט זיך א', וועט ווערן אַ שליטוועגס".

־עכץ. ־עניש.

אײַנשטיין — אַלבּערט (1879—1955).
וועלטבאַרימטער פֿיזיקער, שאַפֿער פֿון דער טעאָריע

אײַנשטיל

פֿון רעלאַטיווקייט. געווינער פֿון נאָבעל־פּרײַז אין 1921. געבאָרן אין דײַטשלאַנד, געלעבט אין שווייץ, לעצטע יאָרן פֿון לעבן געוואוינט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. וואַרעמער ייִד.

הויך־מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. אַ קאָפּ ווי
א'ס. ער איז דאָך אַן א'! ← דפֿוו, בּ8 ־יש —
אַדי. „מיט אַ קאָפּ וואָס איז געווען אַ בּיסל
וויניקער ווי א',„ לע, טמז, 1953 □1I.
איינשטייניקן — טרוו. ־יק איַין, □י.„

געשטייניקט. מאַכן עס זאָל זיַין שטייניק. א, אַ
וועג. א, דעם שיפֿוע פֿון זאַמדיקן בּאַרג. א,
דעם צו נאָכגעבּיקן מענטשן. מיט ז י ך.
—דנ□.
איַינשטיינען — שטיין איַין, ~געשטיינט.
אוטוו — ווערן (ווי) שטיין. דאָס האַרץ שטיינט
איַין. טרוו — מאַכן ווי שטיין. „...
געשרומפּן יעדעס האַרץ און אויסגעדאַרט
פֿאַר,
קילט און איַינגעשטיינט„, בּראָד, בּאַגיַיסטערונג.
איַינשטיינערן — טרוו. ־ער איַין, ~
געשטיינערט. 1. מאַכן שטיינערדיק. דזוו דפֿוו.
2. איַינמויערן. א, אַ פֿיגור צווישן די ווענט.
מיט ז י ך — „בּויט אויף פֿאַר זיך אַליין
אַ ת□יסה און שטיינערט איַין זיך אין די
ווענט“, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט.
איינשטייער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.

-

גאַסט, אוׂרח אין אַכסניה (□. אײַנשטיין, בּ□).
„ווײַט ניט אַלע אומזיסטע א, וואָס פֿילן אָן...
גורל אַנדס וואוינונג האָבּן באַוויזן צו אַנטלויפֿן
׳

אַהיים“, בּערג, בּײַם דניעפּער II. „אײַנגייערס
און א'ס אין יענע געהויבּענע קרײַזן אין
הייליקן רוים“, יג, טמז, 9 1965 □I.

□

אײַנשטײַסן — טרוו. שטײַף אײַן, □י־,
געשטײַפֿט. 1. מאַכן שטײַף. א אַן
אייבּער,

-

העמד מיט קראָכמאַל. א, אַ ווײַס קרעגעלע און
שיין אויספּרעסן. 2. שטאַרק אײַנבּינדן. א,
דעם פּאַק מיט שטריק. 3. אײַנגליווערן.
פֿאַרקילן. א, זשעלאַטינע. 4. אײַנשרויפֿן שטאַרק,

מאַכן זיכער. א אַ מוטערקע אדיף אַ ראָד, מע

,

זאָל זי ניט פֿאַרלירן אין וועג. 5. אײַנדריקן, צונויפֿקוועטשן. „אָט שטײַפּט איר אײַן דעם גאָרגל, איר ווערט רויט ווי אַן אינדיק, פּרײַכט וו אַ גאַנדז, און פֿון וועמענס וועגן? פֿון אַ

,

שניפּסל וועגן„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
6. אײַנציִען. ענגער מאַכן. א, די הוֹצאָות, דעם בודזשעט. ׳א, דעם פּאַסיק = אויך: שטאַרק פֿאַרמינערן די הוֹצאָות אויף שפּײַז.
אונטערהונגערן. 7. שטרענגער מאַכן. א, די דיסציפּלין.
מיט ז י ך — א, זיך אין אַ קאָרסעט. א, זיך, ווערן קאַרגער. א, זיך און זיך האַלטן גרויס. ־ונג. ־עניש.
איינשטיל — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנשטילן. ס'איז נאָר אַן א, פֿאַר קינדער. א'־מיטל. א'־מעדיצין — „מיט געבֿן אַ חולה א'־מיטלען וועט מען זײַן קראַנקייט ניט היילן“, בצג, טמז, 1967 ׳י7 I. ־ונג — „דאָס איז געווען פּראָפּאַגאַנדע און א'“ פּאַש,

,

.l9 XI 1954

אײַנשטילבאַר
איינשטילבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע
--
קען אײַנשטילן.
איינשטיליק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
-.
אײַנשטילן. וואָס איז בכּוח אײַנצושטילן,
באַרואיקן. אַן א'ער המון. א'ע מיטלען.
איינשטיליקן — דזוו אײַנשטילן. נעאָל. „מײַן
-
לעבעדיקע, ריידעוודיקע ייִדישע וועלט, זי
אײַנגעשטיליקט„, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי.
אײַנשטילן — טרוו. שטיל אײַן, ~געשטילט.
-
1. מאַכן עס זאָל זײַן שטיל, מע זאָל אויפֿהערן
ריידן, שרײַען אע. א, די שרײַערס. א, די
קינדער אין קלאַס. א, דאָס געליאַרעם, די גוואַלדן.
„סע ווערט אַ שושקעניש... מחמת יעדער
איינער וויל א, דעם צווייטן„, ממוס, 'צוריק
אַהיים'. “אַ קינד קען מען א': אַ זעץ, אַ פּאַטש,
א קניפּ   פּאָרט אַ קינד„, שע, מאָנאָלאָגן.

-

,,דער מו ווערט אײַנגעשטילט און חזרט זיך ניט איבער, די אָוונט־שלווה נעמט אַרום די קו צוריק“, הל, בלאַט... עפּלבוים.

2. אײַננעמען, באַרואיקן. א, מיט גוטע

ווערטער. א, דאָס וו ינענדיקע קינד מיט דער ברוסט. א, די צעקריגטע צדדים. א, דעם צעבונטעוועטן המון. א, די צעהיצטע געמיטער. ,,דער אַשמדאַי האָט קוים מיט צרות אײַנגעשטילט דעם עולם“, ממוס, קליאַטשע. ,,ער האָט די קינדער ווי עס איז אײַנגעשטילט, אָכער אויף איר אַליין איז אַן אַנגסט אָנגעפֿאַלן,,, יד, אבֿן נגף. ,,איך האָב באַרוט און אײַנגעשטילט מײַן זעל,,, תּי, תּהלים, קלא, 2. ,,האָבן די אַמעריקאַנער ייִדן אײַנגעשסילט זייער געוויסן דורך אויסלייז

א

-

געלט,,, ש. מאַרגאָשעס, טאָג, 26 1957 X.

3. באַפֿרידיקן אַ באַדערפֿעניש: עסן, טרינקען אע. ,,איצט אַז מיר האָבן ניט אַפֿילו אַ שטיקל ברויט מיט וואָס צו א, אונדזער

הונגער“, מ. בּ. זאַבּ עזענסקי, די שווערע צײַט I I,
וואַרשע 1887 פֿיג. „און ער שטילט ניט
א
—
.
אײַן זײַן דאָרשט מיט די וואַסער פֿון דער
תּורה“, תּניא קיא.

ווי טאָן. א, דעם צאָנווייטיק. “דער רעצעפּט א
4. מאַכן עס זאָל ווייניקער אָדער גאָרניט

ועט א, די היץ„. „אָפּיום... שטילט אײַן די
שטאַרקסטע ווייטיקן„„ ד. האָכבּערג איבּז, אָטאָ
שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1920.
5. אָפּשוואַכן אָדער אינגאַנצן עלימינירן. א,
אַ קאָנפֿליקט. „אַזאַ מאַן ווי ער [בּאַדאַרף]
אײַנצושטילן דאָס מחלוקת“, תּולדות יהונתן,
לובּלין 1889.
6. אײַנהאַלטן, אײַנהאַמעווען. „אײַנצושטילן
דאָס געבּלוט [פֿון דער געבּערמוטער]...,
טרינקען אינדערפֿרי ניכטערן אַ ווײַסלעכץ פֿון אַ רוי
איי, אויסגעמישט מיט קאָניאַק„, טאַרלער רבּי,
א
סגולות ורפֿואות II, לאָדז 1910? „האָט דער
שטאַרקער בּײַנאַכטיקער ווינט אײַנגעשטילט...

[די] כוואַליעס,,, בערג בײַם דניעפּער I. *א,
בּ ל ו ט = אָפּשטעלן, עס זאָל ניט רינען פֿון
אַ וואונד. ,,שטיל מיר מײַן בּלוט אײַן, וואָרעם
מיר דוכט זיך אַז איך קאָן נאָך לעבּן,,, טויזענד א
אונד איין טאָג וואַרשע 1839.
7. מאַכן אָז אַ (בּרויזיק) געפֿיל, אַן איבּער

1231

לעבּונג זאָל אַוועק, זאָל צעגיין. ,,דער
גרימצאָרן פֿון מלך איז אַ מלאך־המות, אָבּער אַ
קלוגער מאַן שטילט אים אײַן,,, תּי, משלי, טז,
l4. ,,זי וועט וואַרטן, זי וועט שווײַגן. זי וועט
א, דאָס בּענקען,,, סעג, ,דעם שוחטס
טאָכטער'. ,,וועלן מיר ניט א, אין אונדז דעם
אויפֿגעיאָמער,,, הל, טאָג, 22 1958 XI.
8. אונטערדריקן מיט גוואַלדמיטלען;
רעפּרעסירן, בּאַשטראָפֿן. ,,זיי וועלן זיך ניט שעמען
רופֿן קאָזאַקן... און מאַכן חבֿר־לאַפּ מיט די
גאַנצע הינטישע קאָמפּאַניע וואָס קומען א, די
אַרבּעטער,,, אַ רעדע אויף פּורים, ווילנע 1897.
,,אָנגעקומען דרײַ עסקאַדראָנען אולאַנער... און
האָבּן אײַנגעשטילט דעם פּאָגראָם“, מ. בּ.
זאַבּיעזענסקי, די שווערע צײַט III, וואַרשע 1887.

9. ליקווידירן, אומבּרענגען. אָפּראַמען פֿון וועג. א, אויף אייבּיק. א, דעם מסור. א, דעם שׂונאס האַרמאַטן.

מיט ז י ך — די זאַווערוכע שטילט זיך איַין. דער קאָך (טומל אע) שטילט זיך איַין. „צי האָט זיך נאָך ניט איַינגעשטילט דער שטורעם“, יהואָש. „און די וואַסערן האָבּן זיך איַינגעשטילט„, תּי, נח, ח, 6. „די בּני־בּית פֿלעגן אין וואַלד אַנטלויפֿן פֿאַר אימה און שרעק און זיך דאָרטן בּאַהאַלטן בּיז דעם פּריצס כּעס וועט זיך א'„, אַש, תּהילים־ייִד. „איבּערזיצן עטלעכע אָוונטן אין שטוב, בּיז ס'וועט זיו א, אין אים די גריזאָטע„, א. קאַרפּינאָוויטש, בּיַים ווילנער דורכהויף, ת„אָ 1967.

־עכץ. ־עניש.

ייִנשטילער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.

--

1. ווער עס שטילט איַין. “אַ מאַמע איז די בּעסטע א'ין„. 2. דרעסירער. ל2. דער א, פֿון חיות. 3. מכשירל וואָס מע דריקט אַרויף אויף סטרונעס פֿון אַ פֿידל שטילער צו מאַכן די טענער.

ייִנשטילעריש — אַדי. וואָס איז מסוגל

-

אײַנצושטילן, צו באַרואיקן אאַזוו. א'ע מיטלען.
א'ע רייד. ־קייט.
ייִנשטים — דער, ־ען. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון אײַנשטימען. „מיר האָבן דאָ אַן
אויסגעצייכנטן נאַטירלעכן א, צווישן פּרוידס
און סאָמנערס באַגריפֿן„, מוו, ייִבל XX, 177.
אין א, מיט = בהסכּם מיט. ־ונג — הסכּמה.
די א, צו באַטייליקן זיך אין אַן אונטערנעמונג.
פֿון מיר... וואָס ערוואַרטעט [מיט]
אומגע„
דולד איין אַנטוואָרט, מיט א'„, מ. אחון, סיפּור
משני בעלי תּשו ה, ווילנע תּרנ„ו. „צו
באַקומען ארץ־ישׂראל פֿון תּוגר מיט דעם א, ון
אַלע מלכי אייראָפּע„, נתנאל, דער פּוטטערנער
אייוועַן, פּיעטריקאָוו תּרס„ד.
ייִנשטימיק — אַדי. וואָס איז (באַשטייט)
פֿון איין שטים. אַן א'ער כאָר. אַן א'ע
אָפּאָזיציע. „דער פֿאָרשלאָג איז נאָר אַן א'ער,
קיינער שטיצט אים ניט„. ־יקייט — די א, פֿון
כאָר איז אַ חסרון.
ייִנשטימיק — אַדי. וואָס אַלע שטימען
־

פֿאַר דעם. וואָס איז מסכּים, איז בּהסכּם. (ניט)
זײַן א,. א, אָננעמען אַ בּאַשלוס. א, אויסשליסן

איַינשטיקן

עמעצן פֿון סאַראיין. ,,און דער בּחור וועט איר

□

נעמען ווי זי שטייט און גייט, איז ער אויך
ניט־ווילנדיק א,,,, מ. אחון, אַננאַ גריגאָריעוונאַ,
ווילנע תּרנ״ו. ,,די אויסקלײַבּונג איז ניט
געווען קיין א'ע,,, דפֿ, 'בּרוריה'. ־יקייט —
,,אַגבֿ איז קיינמאָל ניט געווען קיין אידילישע
א, אין דעם ,קרײַז'", מוק, מײַנע בּאַגעגענישן II.
,,אַזוי ווייניק א, בּנוגע צו דעם אַבּסאָלוטן,,,
בּנתן, דאָס נײַע לעבּען, נ״י, מערץ 1913.
אײַנשטימען — שטים אײַן, □ ,געשטימט.
אוטוו — 1. מסכּים זײַן, מוסכּם ווערן. א,
מ י ט עמעצן, מיטן געדאַנק. א, א ו י ף אַ
פּלאַן. א, עפּעס צו טאָן. ,,ער און די וועלט
שטימען ניט אײַן,,, פֿוּול = האַרמאַנירן ניט.
,,זיי האָבּן דאָ ניט וואָס אײַנצוּווענדן און
שטימען דערצו אײַן", מעש״ה [מ. עפּשטיין], דיא
אומגליקליכע יתומה, וואַרשע 1878. .2

אָננעמען אײַנשטימיק. „אַלע שטימען אײַן צ ו ם
פֿאָרשלאָג. דער פֿאָרשלאָג איז אײַנשטימיק
אָנגענומען„. „— מע מוז געֶנוי דערגיין... — מע
מוז, האָבן אַלע אײַנגעשטימט„, די מע ה פֿון
פּיער בּרידער, וואַרשע 1906.
טרוו — 1. אײַנשטעלן דעם ריכטיקן טאָן פֿון
אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. „ס'ווערט אַזאַ
קאַצן־מוזיק ווען אַלע אין אָרקעסטער נעמען א,
די כּלים„. „דער פֿאָרטעפּיאַניסט... קומט צו
איר אַלע צוויי וואָכן אום [די פֿאָרטעפּיאַנע]
אײַנצושטימען„, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע
1878.   2. אויסגלײַכן. זוכן (געפֿינען) אַן
אײַנשטימונג, אַ הסכּם. „דער רמבּם און ר,
יהודה הלוי... און נאָך פֿיל אַזעלכע ו עלכע האָבן
זיך בּאַמיט אײַנצושטימען דעם יודנטום מיט
די נײַעסטע מיינונגען„, מב"ם, הוגה דעות I,
ווילנע 1912.   מיט ז י ך — א, זיך און
חתונה האָבן. א, זיך אויף אַ זעאונג. „וואָס
לענגער מע לעבּט צוזאַמען, אַלץ מער שטימט
מען זיך אײַן„, שוו. ־עכ ן. ־עניש.
אײַנשטימער — דער, ־ס. ונ ין, ־קע, ־ס.
ווער עס שטימט אײַן. אַן א, פֿון פּיאַנעס. "ער
דרעמלט די גאַנצע צײַט און די קאָפּ שאָקלט

זיך אויף אַראָפּ. רופֿן מיר אים דער א,,,. ,,
לײַדער איז דער מזרחי דער ערשטער א, אויף
אַפֿריקע [= אוגאַנדע],,, נתנאל, דער
פּוטטערנער אייווען, פּיעטריקאָוו תּרס,,ד. ־ערײַ.
איינשטינקען — טרוו. שטינק אײַן, ~
גע־־
שטונקען. מאַכן עס זאָל שטינקען. א, די שטוב
מיט מאַכאָרקע. אויך מיט ז י ך ־עכץ.

־עניש.
אײַנשטיק — דער, ־ן. דאָס וואָס מע שטיקט
אײַן. אַ בלוזע מיט אַ שיינעם א,. פֿרגל
אײַנשטוק.
איינשטיקן 1— טרוו. שטיק אײַן, י.,געשטיקט.
-
1. אונטערדריקן. א, אַ רעוואָלט, אַ בונט אע.
2. אָפּשוואַכן אָדער אינגאַנצן אײַנהאַמעווען אַ
געפֿיל פֿאַרלאַנג אע. א, אין זיך דעם פֿאַרדראָס.
,
א אַ תּאווה. 3. אײַנלעשן. א, דאָס פֿײַער.
,
פֿיג. א אָ סקאַנדאַל. 4. אײַנפּרעסן.
אײַן,
קוועטשן. א, די זאַבן אין וואַליזע. א, אין אַ

אײַנשט􏰀קן

חדרל אַזאַ עולם! א, דעם האַלדז מיט אַ האַרטן קראַגן.
מיט ז י ך. ־עניש.
איינשטיקן ll — טרוו. ← דפּוו. אײַנהאַפּטן,

􏰀
-
אײַנהעפּטן. א, אוזאָרן אין אַ סערוועט. א, אַ מגן־דוד. א, מיט רויט אין בלויען סאַמעט פֿון תּפֿילין־זעקעלע דעם נאָמען פֿון בר־מצווה (־בּחור). ־ונג. ־עכ􏰀ן.
אײַנשטירצן — טרוו. שטירץ אײַן, ~

געשטירצט. דטשמ. נר. אײַנוואַלגער􏰀, אײַנבּרעכן. „איבּער אַ בּריק צו גיין וואָס צום א, שטייט“, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע􏰀זות II, סאַטמאַר תּרל„ב, לז/א.
אײַנשטעבּאַלירן — טרוו. ־ליר אײַן, ~(גע)־

שטעבאַלירט. (קאַמאַשן־מאַכערײַ) אַרײַנקלאַפּן
מיט אַ מאַשינקע די קנאָפּקעס אין אַ קאַמאַש.
פּריִער האָט מען באַדאַרפּט אויסשטעבאַלירן

,,
לעכלעך און דערנאָך א, קנאָפּקעס. איצט מאַכט
מען עס אַלץ צוזאַמען", רייד (גראָדנע).
איינשטעך — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזול

--

טאַט פֿון אײַנשטעכן. דזון אײַנשטאָך. אַ
ווייטיקדיקער א'. ־ונג — איניעקציע. ,,די
אַנעסטעזיע קען זײַן אַ לאָקאַליזירטע און
אַדורכגעפֿירט ווערן אין 1 אָדער 2 א'ען,, פֿגעז,
—
,
ווילנע 8 1940, No.
איינשטעכן — טרוו. שטעך אײַן, י.,,געשטאָכן.
-
1. אַרײַנשטויסן, אײַנשטעקן, אַרײַנשטעקן אַ
שפּיציקע זאַך (דער אָביעקט איז דער
אינסטרומענט). א, שפּילקעס אין קישעלע. א, די ווילע
אין היי. א, אַ מעסער אין ברוסט. ,,דא בוט
אים הערצוג יואָב דיא שפּיץ בון דעם שווערט

זײַן. און, שטאָך אין קרעפּטיקליכן צו דער
בּוינפּטן ריפּן אײַן״, שמואל־בּוך, סטראָפּע 949.
2. דזוו בּ1 (דער אָבּיעקט איז אַ פּערזאָן אָדער
אַ גליד פּון קערפּער). א אַ פּינגער מיט אַ נאָדל.
,
א, די בּרוסט מיט אַ קינזשאַל. *א, דעם בּלאָטער
(די מכּה) = אויך: דזוו אויפשטעכן דעם
בּלאָטער, ← 495. ״די טויט־פּײַל... האָט ווי אַ
בּין אים אײַנגעשטאָכן״, יהואָש איבּז,
הײַאַוואַטאַ. אויך פּיג. דער קרעכץ האָט אײַנגעשטאָכן
אונדזערע הערצער. 3. אינאָקולירן. א, אַלע
קינדער קעגן מאָזלען. 4. פּאַרשטעכן. א, אַ
שפּענדל אונטער אַ נאָגל. 5. אײַנגראַווירן.
א, די איניצ אַלן אויף אַ פּינגערל. 6.
אַײַני
העפּטן. א, אוזאָרן אויף בּעטצײַג.
מיט ז י ך — א, זיך אַ פּינגער. ״יעדע שטים
פון טרייסט האָט אין מײַן האַרץ זיך
אײַנגעשטאָכן״, מ. שטיקער איבּז, נעלי זאַקס, טמז,
11 XII 1966. „איין קליינע רגע האָט דער מאַן
זיך אײַנגעשטאָכן אין מיר מיט די אויגן״, איק,
פּסח תּשי״ט. ־ענ ש. ־ער (—ין, ־קע) —
אויך: אַפּאַראַטל צום אינאָקולירן.
אײַנשטעל — דער, ־ן. 1. אַקט אַדער

רע -
זולטאַט פֿון אײַנשטעלן (זיך). דער א, פֿאַר
עמעצן. "דאָס איז געווען אין באַזע־לאַגער פֿון
דער אָפּטיילונג, נאָכן א, פֿאַר אַן אַרויסטריט",
מ. אהל, איק, ר,,ה תשכ,,א. א'־ג ע ל ט בײַ אַן
אַזאַרט־שפּיל. א'־ש ט י פּ ט אין אַ וואַרשטאַט,
ספּעצ פֿאַר טאָקערײַ. 2. דאָס וואָס מע שטעלט

1232

אײַן. אַן א, פֿון יאַגעדעס פֿון ווײַנשל פֿון

, ,

קאַרשן אע. 3. אײַנפֿיר. אײַנפֿירונג. געוו
ינטלעכער א,. בלײַבן בײַם א'. צײַט צו בײַטן דעם
אַלטן א'. ,,סע איז אַן א אַזאַ בײַ אונדז פֿון

,

קדמונים , רייד (פּאָד). 4. אײַנאָרדענונג,
אָרגאַניזירונג. "ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען דעם
גאַנצן א, פֿון דער שקלאַפֿן־סיסטעם,,, אַש, משה.
,,אַלע אומות זײַנען געווען פֿאַרסמט פֿון שׂנאה
צו אונדזער פֿאָלק. אָבער... עס דערהויבן צו
אַן א'... [האָבן] די דײַטשן", יג, טמז, 1964
5 .21 II. באַציאונג. צוגאַנג. אַלגעמיין געפֿיל.

אויך מיר אַן א'. אַ וואַזשנער א'. א, פֿון
פֿרײַנדשאַפֿט, פֿײַנדשאַפֿט אאַזוו. אַ האַרציקער א,
בנוגע צו ייִדיש. 6. גרונט־פֿרינציפּ. קוקווינקל.
שטאַנדפּונקט. אידייאישער א'. עטישער א'.
ליטעראַטור־קריטישער א'. סאָציאַל־עקאָנאָמישער
א'. 7. ריזיקע. אַוואַנטורע. אײַנשטעלעניש.
„שרעק פֿון געראַנגל, פֿון א, און שטאָלצן
דערגרייך“, מוצ, וואַלדיקס.
אײַנשטעלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס
אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנשטעלן. „די ריכטיקע
א, פֿון האָלענדישע אויוונס באַשטייט אין דעם,
מע זאָל אינעווייניק מאַכן גענוג 'גענג, (
לוכטעס)“ פֿגעז, ווילנע 2 .22 1931, No. דאָס
'
וואָס איז (ווערט) אײַנגעשטעלט. שטעלעכץ. אַ
פּאַלאַטקע, אַן א, בעתן יריד. 3. אײַנפֿירונג.
אַן אָנגענומענע א,. 4. אײַנאָרדענונג.
אָרגאַניזירונג. די א, פֿון ייִדיש אַראַבישן שלום. “דר
-
זעלביגר גאָט זול... אונטר ליינן דשׂ
קיניגרייך אונ, די אין שטעלונג פֿון דשׂ קסריות„„
יוסיפֿון פֿיורדא 1764. „דיא איין שטעלונג פֿון
'
דיא קיניגן זאָלשׂט איבר טרעטן„„ יוסיפֿון,

אמשט 1743. „די א, פֿון זײַן מיליטער און דינערשאַפֿט“, י. כהן, איק, פסח תשי״ט. 5. באַציאונג, צוגאַנג. אַלגעמײנער פּרינציפּ. עס געפֿעלט (ניט) ז.ײַן א'. „אין אים דריקט זיך

אויס אַ באַשטימטער אַספּעקט פֿון ייִדישער א, צו זיך און צו דער וועלט“, גרינ, איד און וועלט.
6. שטאַנדפּונקט. גרונ־פּרינציפּ. אַ פּראָגרעסיווע (רעאַקציאָנערע אאַזוו) .'. „דער גריכישער געדאַנק מיט אַן אַנדער א,... צו מענטשן,,, קאָר I. „די ליטווישע ייִדן האָבן ניט קיין ווערבאַלע, נאָר אַ לאָגישע א',,, אאר, ייִשפּ י6—3 ,I.
7. אײַנשטעלעניש. מוטיקײט. „מײַן גאַנצע ייִנגלשע א, פֿאַרכאַפּט מיך“, הל.
[אין דעם זעלביקן סדר און כמעט אויפֿן זעלביקן אופֿן ווערן אויסגעטײַטשט די ווערטער א ײַ נ ש ט ע ל און א ײַ נ ש ט ע ל ו נ ג. דאָך זיך מערקן: דעם חילוק בײַ בב 1־2: פֿטמ און פֿאַרשפּרייטער איז אײַנשטעל פֿאַר אײַנפֿיר, אײַנפֿירונג (ב3); בב 4—7 איז אײַנשטעלונג די עלטערע פֿאָרעם און אײַנשטעל די מאָדערנע.]
אײַנשטעלן — טרוו. שטעל אײַן, ~געשטעלט.
1. אַרײַנשטעלן. א, דאָס זילבער אין קרעדענץ.

א אַן אָרגל אין אַ טעמפּל. א אַ וואָרט (פּראַזע,

׳

זאַץ) קלאָרער צו מאַכן דעם פּאַראַגראַף. א,
אין אַ רשימה נאָך נעמען פּאַרוואָס האָט די

.״

געזעלשאַפֿט... אין איר יחוס־צעטל ניט
אײַנגעשטעלט איר מענטשן־ליבע?“, ש. בר־כוכ א,
אַ נײַע אַמעריקאַנישע הגדה..., ווילנע 1900.

אײַנשטעלן

2. אַוועקשטעלן עס זאָל בלײַבן שטייענדיק.
א אַ יונג אײַנגעבויגןביימל. א, דעם
צע,
וואַקלטן פּאַרקאַן.
3. (וועגן שפּײַז) ניט ניצן גלײַך, נאָר
אַוועקשטעלן, עס זאָל באַקומען אַן אַנדער טעם,
ווערן צום טייל אַן אַנדער פּראָדוקט. א, מ י ל ך
אויף זויערמילך. א, אַ טעפּל מיט זויערמילך.
א, האַרטע באַרנעס זיי זאָלן ווייכער ווערן.
פֿיג. „בכדי זיי [די ביימלעך] צו דערהאַלטן,
האָט זי [די נאַטור] דעם זאַפֿט אינעווייניק אין
זיי אײַנגעשטעלט... ווי מע באַהאַלט אַן
עסנוואַרג אין קעלער“, ממוס, 'ד אַלטע מעשׂה'.

4. ספּעצ, דזוו בּ3, אָבּער פֿריִער פֿאַרפּראַוועָן. א, קרויט. א, אוגערקעס. בּאַשיטן מיט צוקער און א, יאַגדעס. א, ווײַנשל, קאַרשן אע.

5. אויפֿשטעלן. אויפֿבּויען. א, פּאַלאַטקעס. א, הײַזקעס. „אויב ס'איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט אײַנצושטעלן אַ האָלענדישן אויוון...,,, פֿגעז, ווילנע 22 1931, No. „אויף זײַן בּאַצירק האָט מען אײַנגעשטעלט בּעטאָן־סטויקעס,,, ה. ראַבּינקאָוו, סאָוו, היימלאַנד, 1962, No l.

6. אײַנאָרדענען. א, אַ מאַשין אין וואַרשטאַט. א, דעם וואַרשטאַט. א, רימענס פֿאַר די רעדער פֿון מאַשין. א, די מיזאַנסצענעס. „מע קען א, אויף די בּויער־מאַשינעס ווייכע קישעלעך,,, די גאַרבּער און בּערשטער שטימע, מאָסקווע 2 1928, No. „א, דעם רינשטאָק אַזוי, אַז זײַן אָנבּייג זאָל צונויפֿפֿאַלן מיטן אָנבּייג פֿונעם בּאָדנשטיין [אין דער וואַגראַנקע]“, נ. סאַכאַרני איבּז, ל. פֿרומין, וואָס דאַרף מען וויסן... וועגן אַ וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932.

7. גע▯ינען אַן אָרט וואו צו וואוינען (צײַטווײַליק). א, די זעלנערס אין די בּעלי־בּתישע הײַזער. א, סאָלדאַטן אויף קוואַרטיר. “מע האָט אונדז אַלעמען בּיסלעכווײַז אײַנגעשטעלט בּײַ

פֿאַרשיידענע ייִדן", ייִט, פּוילן II.

8. עטאַבּלירן. א, אַ גאַנצע בּאַלעבּאַטישקייט. א, אַ פּאָליטישן אַפּאַראַט. א, אַ נײַע סיסטעם, אַן אַנדער רעזשים. „פֿאָרמעלע דעמאָקראַטיע קען מען סתּם א', צו פֿאַקטישער דעמאָקראַטיע בּאַדאַרף מען דערוואַקסן„, ימ, די פּרעסע, בּ„א 1925. „איז לײַכטער צו געווינען אַ מלחמה איידער אײַנצושטעלן דעם פֿרידן", בּ אַקסלער, פֿאַש, 21 1950 II.

9. אָרגאַניזירן, שאַפֿן עפּעס בּנוגע צווישנמענטשלעכע פֿאַרהעלטענישן. א, גוטע בּאַציאונגען. א, פֿרײַנדשאַפֿט. א אַ קאָנטאָקט מיט

,

אַ נײַער גרופּע. א, ענגערע פֿאַרבּינדונגען מיט די ייִדן אין מדינ ..ישׂראל. „וויא מאג די זאַך אײַן גישטלט נוייארט האבּן„, בּבֿא־בּוך, 387.

10. אַנגאַזשירן. אָנשטעלן. אַרײַנפֿירן אין אַמט. א אַ דיריגענט פֿאַרן כאָר. א, סטאַטיסטן.

,

„אַ נײַער פּערסאָנאַל איז אײַנגעשטעלט געוואָרן", אַש, גראָטמאַן און זון.

11. בּאַשטימען אַ סדר, אַ פֿאָרעם. אויסקלײַבן צווישן אַ צאָל מעגלעכקייטן א, די

שריפֿטן פֿאַרן ווב. א, דאָס ריכטיקע פֿאַר
כלל־ייִדיש. א, די תּלמידים אין גרופּעס לויט
זייערע קענטענישן. א, אַ פּראָצעדור. א, אַ

איַינשטעלן

פֿאָרמולאַר. א, די שטאַרקייט פֿון מיקראָפֿאָן.
א, דאָס ליכט בײַם פֿאָטאָגראַפֿירן. „שטעל
אײַן אָ חלק אויף זיבן, אויף אַכט‟, מס, קהלת
תּקע‟ט, יא, 2. „... טענדענצן בײַם א, די
גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס‟, ימ, ייִשפּ I, 3 — 6.
12. אײַנפֿירן, אַרויסגעבן אָ געזעץ, תּקנה
אע. א, אַ געזעץ, אַ תּקנה. דאָס געזעץ, די
תּקנה שטעלט אײַן.... „דער וועד־
אַרבעארצות... האָט אײַנגעשטעלט אַ ריי תּקנות
ווידער אַרײַנצובֿרענגען אַ שטיקל סדר אין
פֿאַמיליע־ און קהילה־לעבן‟, ימ איבז, שד II ו.
„שטעלט דער געזעץ אײַן אַ נאָרמאַלן אָפּצאָל
פֿון ברוטאָ־אומזאַץ‟, א. שמויש, האַנטבוך פֿאַר
קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, וואַרשע־ווילנע 1925.
„אומטואַדיציאָנעלקייט איז קיין נאָווינע ניט
אין דעם אויסלייג... איידער עס ווערן
אײַנגעשטעלט נאָרמעס‟, מוו, ייִשפּ XIX, 2.

13. אײַנפֿירן אַ מנהג, אַן אײַפֿן לעבן. א, אַ לאָקאַלן פּורים. א, אַז חול־המועד סוכּות זאָלן זײַן די וואַלן אין דער חבֿרה. א, צו פֿאָרן צום רבּין אויף די ימים־נוראים. „האָט ער איין גישטעלט דשׂ דיא נוצרים זאָלן זונטאָג רואן אונ, ניט אַן (שבּת)„, שאַר, לח/ב.

14. ריזיקירן. שטעלן אין סכּנה. א, דאָס ל ע בּ ן. א, דאָס לעבּן צו ראַטעווען אַ קינד. פֿאַרן בּרויט שטעלט מען אײַן דאָס לעבּן„ -

„שוו. “דו זאָלסט ניט א, דײַן לעבּן צו גנבֿענען דעם מכס אָדער צו גיין אַליין בּײַדערנאַכט, אָדער צו גיין אָליין אין וועג דאָרט וואו עס איז שכיח רוצחים“, איבּז, ר, משה בּר, נתן נטע, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „רבּש„ע! זע נאָר, אַפֿילו דײַנע ערגסטע ייִדן,... דאָס פּסולת פֿון דײַן פֿאָלק ישׂראל — ווען ער שטעלט אײַן זײַן לעבּן... זוכט ער פֿאָרט נישט קיין נפֿשות אומצובּרענגען„, ספֿר שבחי רמ“ל, לעמבּערג, יאָר? „ווי עס קומט עפּעס צו אַן ערנסטער זאָך, איז דער ייִד אין שטאַנד זײַן פֿאָרמעגן, אַפֿילו זײַן לעבּן אײַנצושטעלן יענעם צו ראַטעווען„, קמ, 5 1866, No. אויך: א, דאָס

(זײַן) לעבן אין קאָן. אויך: א, דעם ק אָ פּ.
שפּאַסיק א, דאָס לײדיקע אײבערשטיבל. „
אײדער זײ [די קינדער] באַקומען אין מויל דעם
ערשטן צאָן... דער טאַטע שטעלט זײַן לעבן
אײַן אין קאָן,„ [א. צונזער], המנגן, לעמבערג,
יאָר? גראָביונגעריש: א, די סמאַרקאַטע בײנער.
15. ספּעקולירן מיט דער ריזיקע צו
פֿאַרלירן. גײן אויף אַ סכּנה. א, אַ פֿאַרמעגן. א,
די קאַריערע. א, דעם גוטן נאָמען. „אין קאָרטן
װי אין ליבע מוז מען א',„ שװ. *א, און אַרײַן
װי קורח (אין דער אַדמה, אין דער ערד) =
אָנװערן אַלץ. „אַז אײנער האָט אַ פֿאָטער אַ גרויסן
עושר דער מעג יאָ א, גרויס צו האַנדלען„,
איבּז, קול יעקבֿ, לובלין 1874. „פֿאַר דעם װאָס
איך שטעל אײַן מײַן קרן — כאָטש נעמען גוטע
רװחים„, קמ, 1866 33, No. „די קאָפּיקע
פּראָצענט איז אַזוי ליב דעם פּראָצענטניק, אַז צוליב
איר שטעלט ער אַמאָל אײַן דעם קרן אַלײן“,
ממוס, װינטשפּ. “װאָס האָב איך דאָ אײגנטלעך
מורא אײַנצושטעלן? מײַן קראָם, מײַן מסחר?

װאַס קען איך דאָ פֿאַרלירן “, ספּ, ייִדישער

קאָלאָניסט.
16. ספּעצ. אײַנלייגן, אַרײַנגעבן מזומנים בײַ אַ שפּיל אין קאָרטן, בײַ יעדער מין אַזאַרטשפּיל. א, אין קאָן. „אַז מע שטעלט ניט אײַן נעמט מען ניט אויס (אַרויס)„, שוו. „ליב האָבן צו שפּילן און מורא האָבן אײַנצושטעלן“, פּוול. „שפּילן אויף גראָשנס און א, אַ דוקאַט„, פּוול. „ר, ראובֿן און, ר, אליקים האָבן מיט אַנדר גישפּילט. דא האָט ר, אליקים אײַן גישטעלט אפֿשר איין זהובֿ...„, 'שו“ת מהרש„ל„, לובלין 1599 [הש I]. „אָ מלכּה אייכל!... איך שטעל אײַן אויף דיר מײַן קאָפּ אין קאָן...
מײַן גאַנצן זילבער אינעם קאָן אַ שאָט געטאָן„, מל, 'די מלכּה אייכל„.
17. אָפּשטעלן, אײַנהאַלטן. ניט לאָזן באַוועגן זיך. א, די פֿערד. „איך מעכט זער גערן ויל שרײַבן ווער ווש [= ווייס] וועם לע„ע [= לעתעתּה] די כּתבֿי, אין די הנט קומן. דרום וויל איכז לע„ע אײַן שטעלין ביז עטץ ואר ווידר שרײַבט אי„ה [= אם ירצה השם]„, פּראַגב, 13. „מיר האָבן אָבער געוואוסט וואו אײַנצושטעלן אונדזער גוטסקייט“, א. ד. אָגוז, הומאָריסטישע דערציילונגען.
18. אַרכ. צושטעלן. „זיא וועלן אים אין

איינם יאַר איַין שטעלן דער [= דעם] מיט דיר קונשׂטן קאַן,,, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש,,ץ, פֿיורדא 1694 [פֿש III].

,

19. איַינטיַיטשן. פֿאַרבינדן מיט אַ געדאַנק. ,,דער זוהר הקדוש שטעלט אויף דעם איַין דעם פסוק 'הבשׂר עודנו בין שניהם,,,, הרבֿ אַלכּסנדר זוסקינד איבּז, די הייליגע צוואָה, ווילנע 1887.

2O. איבּערשטעלן. איבּעראָריענטירן. ,,מוזן די וועלטלעכע א, די זעלבּע געשיכטע... אַרום דעם אַקס פֿון מענטשלעכער לייסטונג און קדושה“, ש. ביקל, שריַיבּער פֿון מיַין דור I.

21. אוטוו. זיך פֿאַרטרויען אויף עמעצן. “דיַין באָבּע האָט מען דאָך געגלייבּט איבּערזען קרויט, אָבּער פֿלייש... וואָלט מען אויף איר שוין ניט איַינגעשטעלט,,, אמ,,ש [אָסטראָווסק], דער מאַסקעראַדין באַל, וואַרשע 1884.

איַינשטעלן זיך — ← דפֿוו. 1. שטעלן

-

זיך אין אַ סכּנה. א, זיך דאָס לעבּן, דאָס (דעם) נפֿש. זיך א, און זיַין גרייט אויף מסירת־נפֿש. ,,ער מוז זיך א, זיַין נפֿש איי[דער] ער ברענגט זיך איַין זיַין פּרנסה“, מלרה, לבֿ/א. ,,פֿאַר יעדער זאַך וואָס... עס זאָל דערפֿון קומען אָ

סכּנה מוז מען זיך־ שטאַרק היטן, און עס איז
די גרעסטע עבֿירה, מע שטעלט זיך אײַן דעם
לעבן“, חא, לד/א. „וועד ס'איז ניט
אַרויסגעגאַנגען לתרבות רעה בפּרהסיא פֿלעגט זיך א,
דאָס לעבן און לערנען בגניבֿה אין קעלער,
אויפֿן בוידעם...„, ממוס, 'בישיבֿה של מטה,.
„אַן אַשה וואָס צוויי מאַנען זענען איר
געשטאָרבן, זאָל מען זי ניט נעמען, און דער וואָס זי
נעמט וועט לײַדן אַ□ עונש, ווײַל ער האָט זיך
אין □אַ סכּנה אײַנגע   סידי□, אָרט?
תק“ז?, סימן קנה.   האָט צוליכּ
דער חגא,... מור   רצוגיין דאָס

אײַנשטעלן זיך

געסל, נישט א, זיך דאָס לעבן„, אַש,
תּהילימיקד.

2. אַרויסווײַזן באַהאַרצטקייט, מוטיקייט. א,
זיך און אָפּענטפֿערן דעם גבֿיר, דעם הערשער
אע. „אַ נאַר שטעלט זיך אַלדינג אײַן„, מס,
משלי תּקע,,ד, כח, 26 ['בוטח בלבו הוא כסיל'].
„איך שטעל מיך אײַן ווי אַ היימישער דעם
אשמדאי... א פֿרעג צו טאָן„, ממוס, קל
אַי

- ▯ ▯

טשע. ,,האָבּן די תּלמידים זיך אײַנגעשטעלט בּעטן דעם רבּין, ער זאָל עטוואָס טוֹעם זײַן'', לדבּ, נ''י תשי''ז, קעה.

3. אָננעמען זיך פֿאַר עמעצן אָדער פֿאַר עפּעס פֿאַרטיידיקן. א, זיך פֿ אַ ר אַן אייגע.

נעם. א, זיך ▯אַרן רבּין. זיך א, פֿאַר עמעצנס כּ בֿ ו ד (גוטן נאָמען). א, זיך פֿאַר איין צד. זיך א, פֿאַר די בּאַעוולטע און געקריוודעטע. א, זיך פֿאַר א פּרינציפּ פֿאַר אַן אידיי(ע).

- -
,

4. בּלײַבּן צו גאַסט; פֿאַרבּלײַבּן אויף אַ צײַט. ,,ער וויל זיך בּײַא אינן אײַן שטעלין.. - נייארט דז ער פֿון זיא בּײַא דער נכט איז פּטור גוואָרין אונ, ווידר אַהיים קומן,,, בּאַלעגערניש.

5. אײַנרואיקן זיך, קומען צו אַ סטאַבּילן גײַסטיקן מצבֿ. אַרומלויפֿן, שמײַען און דערנאָך א, זיך. זיך וואַרפֿן אויף רעכטס און אויף לינקס און לסוף זיך א'!

6. דריטפּערזאָניק. קומען צו אַ מצבֿ,

סיטואַציע, און בלײַבן אַזוי אַ געוויסע (לענגערע) צײַט. אַ שלום שטעלט זיך אײַן, אַ נוסח שטעלט זיך אײַן. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ נייטראַליטעט. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שליטוועג. „נאָך די קריגערײַען האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אידיליע צווישן מאַן און ווײַב„. „על הקור והחורף דיא זיך בשנה זו איין זמן אָרוך האָט אײַן גישטעלט„, שלמה זלמי בול, אַ קלאָג־ליד אויפֿן קאַלטן ווינטער', 1784

,

[אַמפּ I]. „האָט זיך אינגיכן אײַנגעשטעלט אָ נישקשהדיקער שלום־בית„, בערג, בײַס דניעפּער I.

7. דריטפּערזאָניק. אָרגאַניזירן זיך. שאַפֿן זיך. די קונדשאַפֿט שטעלט זיך אײַן. די אַרבעט אין אַנשטאַלט האָט זיך שוין אײַנגעשטעלט.

8. אײַנאָרדענען זיך. א, זיך בײַ עמעצן. אין צימער האָט זיך אָלץ גוס אײַנגעשטעלט.

9. אָנגענומען ווערן. „דאַרף מען ניט איבערבײַטן זאַכן וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט„, ימ, יישפּ I, 5. „האָבן זיך אײַנגעשטעלט אויסלייגנוסחאָות דערעיקר מיטן כּוח פֿון דער דעה, ס'רובֿ מלוכישער„, ח. גינינגער, יישפּ XI.

1O. אײַנפֿונדעווען זיך. אײַנגרונטיקן זיך. א,

זיך מיט אַ גרויסער קראָם. א, זיך ווי אַ יוסטער בעל־הבית מיט אַ שטאָט בײַ דער מזרחוואַנט. „ביז מע וועט זיך נישט א, מיט אַ געשעפֿט איז ניטאָ וואָס צו קלערן„, ש. איזבאַן, טמז, 11 7 19 X.

11. אָפּמאַכן בײַ זיך, קומען צו אַ החלטה. אָננעמען אַ שטעלונג. א, זיך א ו י ף עפּעס. א, זיך ניט צו ענטפֿערן אויף זידלערײַען. „זי [די סוחרים] האָבן זיך אײַן גשטעלט דז זי אַלי רום אונ, עהר מוזן הבן וויא אַלטי ער פֿארני

אײַנשטעלעכץ

סוחרים מעריטירן„, י. מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. “איצט אין זעלכע ספֿקות זיך אײַנצושטעלן ווייסט מײַן נשמה נישט”, עט, לידער.

12. נאָכן אײַנשטעלן (בּבּ 3־4) קומען צום געפֿלאַנירטן מצבֿ. „די מילך האָט זיך אײַנגעשטעלט און מע קען איצט אַראָפּנעמען שמאַנט צו שלאָגן פּוטער”. “דאָס וואַסער וועט זיך א, ון וועט ניט זײַן מוטנע”.

13. אָפּשטעלן זיך. אויפֿהערן טאָן. ווירקן. א, זיך און ניט גיין ווײַטער. „דורך נאָך פֿילע

אַנדערע אורזאַכן וואָס האָבּן זיך שוין אַלע
אײַנגעשטעלט (אויפֿגעהערט),,, אמד
14. פֿטמ. זיך שטעלן אין אַ ריי. זיך א,
פֿון סאַמע בּאַגינען.
איינשטעלע□ן — דאָס (די), ־ן (־ער).
רע□־
זולטאַט פֿון אײַנשטעלן (זיך), אויך מיט איר
בּײַטעם. אַ ווילד א'.
איינשטעלעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
□־
פֿון אײַנשטעלן (זיך). דערעיקר: בּאַהאַרצטקייט,
מוט, דרייסטקייט. גרייטקייט צו גיין אויף אַ
סכּנה. אומבּאַרעכנטקייט. זוכענישן און א'ן.
רעדן מיט א'. שפּילן מיט חוצפּה, מיט א'.
געווינען בּרויט מיטן א, פֿון לעבּן. ,,אין אַזאַ
פֿאַגאָדע איז אַן א, צו פֿאָרן מיטן אַקס“.
,,זוכן אַ נײַעם אַרטיקל איז אַן א'“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ,,מיט גרויס א, האָט זיך
נעבּעך אַ פֿרומע ייִדענע עולם־הבּא געקויפֿט און
האָט אים אַלעמאָל מיט אַנדערע ספּאָסאָבּעס
בּאַהאַלטן,,, [חיים מאַלאַגאַ], 'גדולת ר, וואָלף,
[יפּ]. “קיין מוהלים זענען נישט געווען, עס איז
אויך געווען אַן א, צו מאַכן אַ בּרית

באַהאַלטענערהייט“, אפּא, טמז, 11 X 1964.
אײַנשטעל ער — דער, ־ס, וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס שטעלט אײַן. אַן א, פֿון נײַע
פּאָרמען. „די א'ס פֿון דעם ריטואַל פֿאַר די
פּסחדיקע סדר־נעכט„, הרבֿ ט. אײַזיקס, טמז, 1962
יֹ 2 .13 I. אָרגאַניזאַטאָר, (מיט)גרינדער. אַן
א, פֿון אַ גרויסער פֿירמע. 3. ריזיקאַנט.
ספּעקולאַנט. ווער עס שפּילט אַן אַזאַרט־שפּיל. אַן
א, אויף פֿערדלעך. „ער איז אַן א'... אַ
ריזיקאַנט וואָס וואַרפֿט זיך אויף פֿיל עלטערע פֿון
זיך„, ייִז, בּרידער אַשכּנזי. 4. מופֿקר. „
ישׂראליקל ווערט אַן א', אַן עזות־פּנים, ער רעדט
דעם רבּין אַנטקעגן“, ט. קאַמינסקי, אַ
בּיאָגראַפֿיע פֿון אַ יע)ראָל־קלען, קיִעוו 1913 ־עריי.
-
.
איינשטעלעריש — אַדי. וואָס איז אין דער
-
נאַטור, אין כאַראַקטער פֿון אַן אײַנשטעלער.
בּראַוו און א'. „ווען איר זאָלט אַ ילו זיך
אַנטשליסן אויף אַזאַ א'ן שריט...“, בּ. שע נער,
פּאָר, 30 IX 1967 ־קייט — „גאַנץ שטעטל
.
האָט גערעדט וועגן צמחס א'“, חג, צמח אַטלאַס.

איינשטעמעווען — טרוו ־מעווע אײַן, ,

געשטעמעוועט. אַרײַנקלאַפּן מיט אַ גרויסן האַמער. א, אַ לאָך אין בלעך. א, אַ בּלעך.
איינשטעמסלען — טרוו. ־פּל אײַן, ~ גע־־ שטעמפּלט. 1. אײַנדריקן, אײַנפּרעסן אַ שטעמפּל. א, אין אַ ווינקל דעם נאָמען פֿון דער פֿירמע. 2. אײַנצייכענען (געווײנלעך לגנאי).

1234

א, די ליידיקגייערס, די פּאַראַזיטן, יטן שאַנדצייכן. ־ונג.
איינשטעמפּעווען — טרוו. ־פּעווע אײַן, ־ ,י.,געשטעמפּעוועט. אײַנדריקן, אײַנקלאַפּן מיט אַ שטאַמפּ. א אַ סימן, אַ צייכן.

,
אײַנשטענדיק — אַדי. פּטמ אַנשטאָט אָנשטענדיק. "א'ע קאַוואַלירן"; ,,... איך פּיל א'ערן פֿון מיר", יראל אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, יאַס 1893 ־יקייט.

.
איינשטעפּן — טרוו. שטעפּ איַין, ~געשטעפּט.
-

1. איַינייען מיט אַ שטעפּמאַשין. א, בענדלעך
אין אַ פּעלן אויערהיטל. "ווער האָט אין איר
[דער ייִד, פּאָן] די בלויקייט געוועבט, דעם הימל
און שניי אין איר איַינגעשטעפּט?", מלכּה לי,
היימיש, אייר תשי"ט. 2. איַינשטעכן מיט אַ
שטעפּנאָדל. „האָט אַרויסגעקוקט דורכן
פֿענצטער ביז ער האָט איַינגעשטעפּט אין זיַינע
אייגענע ינגער", י. עלבערג, איק ר„ה תּשכ„ב.
־עניש.
איינשטעק — דער, ־ן. אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון איַינשטעקן. שוחד. כּאַבּאַר. א־ג ע ל ט
פֿון דער צווייטער זיַיט רייצט אים זייער
— „
דאָס א'־געלט וואָס ער קאָן דאָ ביַי דעם עסק
באַפּן„, אַש, תהילים ייִד ־ונג.

.
איינשטעקיק — אַדי. ← איינשטאָקיק. וואָס
איז פֿון (האָט) איין שטאָק. „אַ גאַנצע ריי א'ע
היַזער„, י. אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, יאַס

.1893

איינשטעקן — טרוו. שטעק איין, ▯.־,געשטעקט.

1. אַרײַנשטעקן. א, די הענט אין די קעשענעס. א אַ האַק הינטערן גאַרטל. א אַ מעסער אין

, ,

דער ערד. ,,האָט ער אים [דעם שווערערן באַרג] אין איין הרטי ערד איין גישטעקט'', סהמ, ישעיה, מ, 12. ,,ער זײַנם ואטר צו גיזאגט הוט דז ער ניט וויל צרנן אונ, הוט זײַן שווערט ווידר איין גישטעקט'', בראַנט, מג. מ▯ פּאַרטײַטשט 'ויצג את המקלות, (בראשית, ל, 38): ,,אונ, ער אין שטעקט'' [תּי: ''אַרײַנגעשטעלט,,]. שווב פּאַרטײַטשט 'תקע, — ''אין שטעקין,,. ,,ווען אים קומט אַ (הרהור) פֿון אַן אָשה אין זײַן תּפֿילה, זאָל ער א, זײַנע צוויי גראָבע פֿינגער פֿון די פֿיס אין דער ערד. ד־ זאַך א▯ז מבֿטל אַלע (הרהורים)'', ס▯ר חסידיס, תּק''ז? אָרט? ''די זאַך וואָס ער מאַכט אויף איר אַ ברכה דאַרף ער צו האַלטן אין דער רעכטער האַנט און זאָל ניט א, מיט דעם מעסער און ניט שנײַדן בשעת ברכה'', ספֿר מקור הברכה I, מונקאַטש תּרנ''ה.

*ער שטעקט יענעם אײַן אין אַרבל (גאַרטל)
= יענער איז קעגן אים אַ גאָרנישט, אַ
נישטיקייט, אַ שוואַכלינג. *כ'האָב אים טיף־טײַער
אײַנגעשטעקט = כ'האָב אים אין דרערד. *א, די
ה אַ נ ט , אַרכ = געבן די האַנט, אויסשטרעקן
די האַנט. ײִרבֿ זײַן. „ווען דוא בישׂט...
איין ערובֿ גיווארן פֿר דײַנום גיזעלן..., דו
האשׂט אײַן גישטעקט צום פֿרעמדן דײַן הנט
צו צאָלן פֿר דײַנום חבֿר“, סהמ, משלי, ו, 1.
*א, די אויגן (די קוקערס) אין עמעצן.
2. אײַנגעבן בשתיקה, מיט אַ ספּעציעלן

אײַנשטראָמען

צוועק. א, דעם קנעפּל אין יד אַרײַן. „און אין
דער לינקער [האַנט] אַרײַן האָב איך אים
אײַנגעשטעקט דעם קאַנטשיק מיט די בלײַערלעך“,
פּרץ, 'דער חלום'. „דער יונגערמאַן האָט איר
אײַנגעשטעקט אַ פֿאָר מאַרק“, אָפּאַ, אַרום די
חורבות.
3. אײַנשטעכן. אַרײַנשטעכן. א, שפּילקעלעך
אין זוים פֿון קלייד. „נים... איין נאדיל און
שטיק עשׂ אײַן אין מיט פֿון ביים“, כ״י 'ס ר

הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. „און, זיא אײַן שטעקיט דען נאגיל אין זײַן שלעף“, סהמ, שופֿטים, ד, 21. “נאָר בשעת ער האָט געאַרבעט, אַז ער האָט אײַנגעשטעקט די נאָל און האָט דורכגענומען די דראַטווע...“, נחב, מעשׂה בחכם ותם,.

4. אײַנשפּאַרן. אײַנזעצן אין אַ ווינקל, אין תּפֿיסה. א, עמעצן אין אַ פֿינצטערן ווינקל. א, דעם גנבֿ אין תּפֿיסה.

5. באַהאַלטן, אַוועקלייגן פֿאַרשטעקן. א,
.
דעם אוֹצר ערגעץ אונטער אַ שטיין. „בעל־כּרחו מוז דר פּאָלק זײַן גיוועהר איין שטעקן“, אַשכּנז. „דא האבן זיא אים זײַן קאָפּף אב גהאַקט אונ, האבן זיא אײַן גשטעקט אויף איין דאַך“, שאַר, סז/ב.

6. פֿאַרלירן, אָנווערן (בײַ אַ ספּעקולאַציע,
,
אַזאַרט־שפּיל). א אַ שיינע פּאָר הונדערטער אין
,
אַקציעס. א, אין קאָרטן דעם גאַנצן נדן.

7 פּטמ אַנשטאָט אָנשטעקן. א, מיט מאָזלען
.

די בּרידערלעך. אויך: א, ד י ק — אַן א'ע קרענק.

מיט ז י ך — 1. אַרײַנשטעקן זיך. "און, זײַני שטאַרקי הערנר דיא האבּן זיך אײַן גישטעקט און, אין גיזענקט אין דיא מויארן און, צווישן די שטיין", יוסיפֿון, אַמשט 1661, רלה/ב. ,,סגולה פֿאַר סכּנת־הדרך: זאָל אַן אשה געבּן אַ מאַן אַ נאָדל מיט אַ ווײַסן פֿאָדעם וואָס מע האָט גענייט תּכריכים... און זאָל ער זיך א, אין זײַן קלייד,,, דבֿרי חכמים, [לעמבּערג], יאָר? ,,דער ריזן־קוימען... האָט זיך... אין דער רויטקייט אײַנגעשטעקט,,, בּערג, נאָך ▯לעמען. 2. אַרײַנמישן זיך, זיך עוֹסק זײַן. ,,ווער זיך אין בּיזי זאַכין אײַן שטעקט קומט אין פּר דאַכט,,, ספֿר מ▯חר הפּנינים, הומבּורג תּצ"ט, כד/ב. 3. צונעמען פֿאַר זיך. זיך א, געלט. זיך א, פֿרעמדס.

־עכ▯ן. ־עניש.

אײַנשטעקער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס שטעקט אײַן. 2. שטעקשוך, לאַטש.

אײַנשטראַלן — טרוו. שטראַל אײַן, ▯י.., געשטראַלט. מאַכן אַז שטראַלן זאָלן

אַרײַנדרינגען. א, אולטראַ־וויאָלעטע שטראַלן. —ונג —
—

היילן קאַנסער מיט א'ען.

איינשטראָמען — אוטוו. שטראָם אײַן, ~

גע־־

שטראָמט. דזוו אַרײַנשטראָמען. ריטשקעלעך

שטראָמען אײַן אין טײַך פֿיג. אימיגראַנטן

.

שטראָמען אײַן פֿון דער גאַנצער וועלט ־ונג.

.

▯

אײַנשטראָפּן

-

איינשטראָסן — טרוו. שטראָף אײַן, ~

געשטראָפֿט. אַ סך מאָל, שטאַרק שטראָפֿן. א,

אַ קינד עס זאָל זיך אָפּלערנען פֿון מיאוסע

שטיק.

איינשטרייכן — טרוו. שטרײַך אײַן, ~
גע־ -
שטראָכן, ׳י.,געשטרײַכט. מאַכן אַ צאָל
שטריכן. א, אַ טייל פֿון דיִאַגראַם. אויך: ~
שסריכלען.
איינשטרייען — טרוו. שטריי אײַן, ~

געשטרייט. אײַנשיטן. אײַנשטויבן. באַשיטן. א,
געבעקס מיט צוקער. א, די פּאָדלאָגע מיט זאַמד.
א, זאַמד אויף אַ סטעזשקע. ,,זיך ׳ויא ביזי
קראַנקהייט, עשׂ איז קיין פּולוויר אײַן
גישטרייט ווארדן,,, בע, ו/ב.
איינשטריכיק — אַדי. וואָס האָט (באַשטייט)
נאָר (פֿון) איין שטריך. א'ער סימן.
איינשטריקן — טרוו. שטריק אײַן, ~

גע
-
--
שטריקט. אַרײַנשטריקן. פֿאַרשטריקן. א, רויטע
וואָלענע פֿעדעם אין גראָען סוועדער. א, די
אויסגעריבענע עלנבויגנט. ־ונג. ־עכץ.
איינשטרענגען זיך — אוטוו. שטרענג זיך
-

איַן, זיך ~געשטרענגט. 1. פֿטמ. אָנשטרענגען
זיך. 2. זיך אָנשטרענגען איבער יעדער מאָס.
א, זיך און פֿאַלן פֿון די פֿיס. ־ונג.
איינשטשאָבען — טרוו. ־בע איַן, ~

געשטשאָבעט. מיט גיכע (אויך ניט־געראָטענע)
נעט פֿאַרריכטן. א, די פּיאַטעס. א, די לעכער
אין די פּיאַטעס.
איַנשטשימען, ~שטשעמען — טרוו. ־מע
איַן, ~געשטשימעט, ~געשטשעמעט.
איַנקוועטשן. איַנקלעמען, איַנדריקן, צונויפֿדריקן.
א, דעם פֿינגער אין טיר. „איך האָב
איַנגעשטשעמעט די ציינדלעך און די ליפּן און
פֿאַרביסן אין זיך דעם קינדערשן שרעק“, א.
מיַזל, געקליבענע דערציילונגען.
מיט ז י ך — א, זיך אין עמעצן מיט די
אויגן. „מיט זיַנע איַנקלאַמערערס שטשימעט
ער [דער גיַיץ] זיך איַן אין ווענטל פֿון מאָגן,„
ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן, נ„י 1931. „זיי
האָבן זיך איַנגעשטשעמעט איינע אין דער
אַנדערערס האָר“, ב. באָטוויניק, געקליב,
ערצעהלונגען II. „זיַן וויַיבעלע... האָט זיך אין ◌ים
איַנגעשטשעמעט, וויַיל אויך זי קאָן ניט לעבן
אָן צרות,„ חג, טמז, 1969 III 14.

איינשטשיפּען — טרוו. ־פּע איַן, ~
געשטשי־־
פּעט. 1. איַנקנײַפּן. א, אַ שטיק ברויט. א,
די בעקעלעך. 2. דזוו איַנשטשימען. מיט
ז י ך — א, זיך די באַקן. א, זיך אין אַ ראָד,
צווישן וואַליקעס.
איַנשטשעפּיען — טרוו. ־פּיע איַן, ~
געשטשעפּיעט. אַרײַנזעצן אַ צווײַגל פֿון אַ
בעסערן מין אין אַ פֿרוכטבוים. דורכפֿירן אַ
הרכּבֿה. א אַ צווײַגל אין קאַרשנבוים א, דעם
,
קאַרשנבוים.
איינשטשערבען — טרוו. ־בע איַן, .־,
גע־־
שטשערבעט. פּפֿ: ~טשערבען. איַנקאַרבן.
אָפּברעכן אַ שטיקל פֿון אַ כּלי. א, דעם
ליימענעם טאָפּ.

1235

איַנשניבושן — [... שי'בעשן] טרוו. שיבוש
איַן, ~געשיבושט. אַרײַנקריגן פֿאַרדינען אַ
,

קלייניקייט. א, פֿון קרעמל עטלעכע זלאָטעס
אַ וואָך.
איינשיבן — טרוו. שיב איַן, ~געשיבט,
-
~געשאָבן. אַרכ, פּר, גאַליציע. איַנרוקן,
איַנשטופּן, איַנשפּאַרן. ,,וויא ער נון אַן דען
טיש קאַם, דא פֿרעסט אונ, זויפֿט ער אונ,
שיבט איַן אַלז ווי איין קוא“, מב, מעשׂה רח.
“אַך זאָל ער ניט גרושׂי ביסן איַן שיבן, אַך
זאָל ער ניט גרושׂי טרונק טרינקן,,, לט1, מט/ב.
 ,,אַ טייל מאַכן פֿיל מצות אי [= איי, איידער]
מן היבט איַן צו שיבן אין אויוון]“, עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק כא.
“איַנגעשיבט אין טורמע“, ד. פֿלינקער, טמז,
4 1960 III. מיט ז י ך — שטיל א, זיך אין
שטוב. ־ונג. פֿרגל: איַנשובן.
איינשיט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער

רעזול

טאַט פֿון איַנשיטן. ,,,... קאָן זיך צונויפֿמישן
דער פֿליסיקער טשוהון פֿון דער קאַלאָשע פֿונעם

ווייכן און האַרטן א'", נ סאַכאַרני איבז, ל.
פֿרומין, וואָס דאַרף מען וויסן... וועגן אַ
וואַגראַנקע, כאַרקאָוו 1932.   2. אויך ד י (פֿר,
גאַליציע). זאַק, זעקל (אונטערשטע ציך) פֿון
שטאַרקן לײַוונט אויף אַרײַנצושיטן פֿעדערן

פֿאַר אַ קישן, אַ פֿערענע אע. אַרוי צִיִען אַ ווײַס
ציכל אויפֿן רויטן א'. צונייען די אָפֿענע זײַט
פֿון א'. „רויטע זײַדענע א'ן מיט ווײַסע
געשטיקטע ציכן איבערגעצויגן„, רחלע דיא
זינגערין, זשיטאָמיר 1868. „איבערגעשאָטן פּוך
פֿון איין א, אין צווייטן", מ. ריבֿקין, דער
וועליזשער בלוט־בילבול, ווילנע 1914. "אַ ייִדענע
האָט געגעבן אַ ביסל פֿעדערן, אַן אַנדערע —
אַן אַלטע רויטע ציך און אַ דריטע — אַן א'",
ייִט, טאָג, 2 IX 1960. א'־ג ע ו ו אַ נ ט. א'־
ל ײַ ו ו נ ט.   3. (גראָבלעך) גראָבער בויך.
מאָגן. ער קען אַרײַנרוקן, ער האָט אַן א, ביז
איבער די קני. "ער קען אַרײַנעסן, זע סאַראַ
א, ער האָט". „מיטן געלט וואַקסט דער א',,;
„וואָס מע האָט אין א, איז ניט ווערט קיין
געלט„, שוו.

אײַנשיטן — טרוו. שיט אײַן, ...„געשאָטן,
~געשיט (פֿר).   1. אַרײַנשיטן. א, פֿעדערן
אין אײַנשיט. „ווען מן מעל אײַן שיט [בײַם

באַקן מצות], זאָל מן זיך וואול אויף שירצן“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פּפּדמ תּמ„ה?

„אויסגעשפּאַנט די פֿערד, זיי געגעבן אַ טרו□ק,
איינגעשיט האָבער“, אָפּאַ, אין די פּוילישע
וועלדער. “דער בעל־הבית מוז איר יעדן
פֿרימאָרגן אין דער קאָרעטע פֿרישן אָברעק א'“,
אַש, תּהילים־יוד. 2. (גראָבלעך) נעמען אין מויל
אַרײַן. אַרײַנעסן. א אַ טעלער רײַז. „דא זאָגט

,

עשׂו צו יעקבֿ: מאַך אײַן שיטן מיך די רוטי
לינזן, דען איך בין זער מיד“, צאינה, תּולדות,
כו/ד. 3. צופּעליק באַשיטן. א, די פּאָדלאָגע
מיט ברעקלעך. 4. פֿאַרשיטן. פֿאַרדעקן און
אויסגלײַכן. א, אַ גרוב מיט זאַמו.. 5. דזוו
פֿאַרשיטן. מסרן. א, די בלאַטע. מיט ז י ך —
פֿון זיך פֿאַר זיך ־עכ□ן ־עניש.

, . .

אײַנשיסן

אײַנשיטערן — טרוו. ־ער אײַן, ~געשיטערט.
מאַכן אַ ביסל שיטערער. א אַ געקעכטס מיט

,

אַ האַלב גלאָז וואַסער.

אײַנשײדלען — טרוו. ־דל אײַן, .־,געשײדלט.
אַרײַננעמען אין אַ שײדל. א, די מגילה.
אײנשײדן — טרוו. שײד אײַן, ~געשײדט.
-
1. אַרײַנגעבן עפּעס אין אַן אָרגאַן פֿון קערפּער.
א אַ פּרעפּאַראַט בײַם אונטערזוכן דעם מאָגן.
,
2. אַרכ. אָפּשײדן. מיט ז י ך — "דאז

װאונ

דר האטן גיזעהן פֿרויאן אונ, מאַנן, אַזו שידן
זיא זיך איין איטליכר פֿון דאַנן", ספֿר משלים,
פֿפֿדמ תמ"ז, י/א.
אײנשײסן — טרוו. שײַס אײַן, ,געשיסן
-
(אויך: י.,,געשײַסט). אײַנבּרודיקן דורך שײַסן
(גראָב). א, דעם לײַלעך.
אײנשײערן 1 — טרוו. ־ער אײַן, .־,געשײַערט.
- -
אײַנרײַבן. אײַנפּוצן, אײַנרײניקן. א, די
פּאָדלאָגע. א, די בּאַקדײזשע. א, די מעשענע
לײַכטער, דעם סאַמאָװאַר אויף יום־טובֿ.

וואוויליונגעריש. א, די פּלייצעס = געבּן קלעפּ איבּער די פּלייצעס. ־ונג. ־ניש.
אײַנשײַערן 11 — טרוו. ־ער אײַן, ~ געשײַערט. 1. אַרײַננעמען אין שײַער. א, די תּבֿואה פֿון פֿעלד. „ס'האָבּ און גאָבּ פֿון פֿעלד שוין אײַנגעשײַערט“, י. מאַניק, 'האַרבּסט־ליד'.. 2. אײַנזאַמלען, צונויפֿקלײַבּן. „א, בּיבּליאָגראַפֿיש אונדזער כּמעט היימלאָזע ייִדישע ליטעראַטור“, מ. ראַוויטש. ־ונג.
אײַנשיכּורן — טרוו. שיכּור אײַן, ~ געשיכּורט. 1. מאַכן שיכּור. מאַכן עמעצן פֿאַר אַ שיכּור. א, עמעצן אַז ער זאָל פֿאַלן פֿון די פֿיס. א, דעם שומר. א, דעם גוי. 2. דערפֿירן צו אַ צושטאַנד וואָס איז ענלעך אויף זײַן שיכּור. א, מיט שיינע לידער. די ריחות אין וואַלד שיכּורן אײַן ווי ווײַן. „האָבּן דײַנע ווערטער מיך אײַנגעשיכּורט און מיר איז ליבּ געוואָרן דאָס פֿאַרווערטע“, חג, צמח אַטלאַס.
מיט זיך — א, זיך פֿון דערפֿאָלג, נצחון. „דען דערמיט וואַס ער האָט זיך אײַנגעשיכּורט איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן שׂכל„, מחזור שלש רגלים, סלאַוויטע 1832, קמב/א.
איינשיכטיק — אַדי. וואָס האָט נאָר איין שיכט. א'ער בּאָדן. א'ער טאָרט. א'ער

אַרבעטסטאָג. ״מיט דער צײַט איז די פּשוטע, א'ע מענטשלעכע אורנאַטור... אויפֿגעוויקלט... געוואָרן... אין אַ גאַנצער פּילשיכטיקער״, דר, י ראל רובין, פֿונדאַנען אַהין, ת״אָ 1952
אײַנשילטן — ← אײַנשעלטן.
אײַנשימלען — טרוו. ־מל אײַן, ~געשימלט. האַלטן אין פּײַכטקייט, מאַכן עס זאָל זיך באַדעקן מיט שימל. א, דאָס ברויט. א, קעז.
אײַנשיסן — טרוו. שיס אײַן, ~געשאָסן.
1. אַרײַנשיסן. א אַ קויל אין סופּיט. א, אין ציל. 2. צוגעוואוינען צום שיסן. א, אַ נײַע נבֿיקס. 3. אַרכ. אַרײַנרוקן. אײַנשיבן. „מן האָט שוין סצות ווען עשׂ צום אײַן שיסן קומט״, עפּש, דרך הישר לעולס הבא, פֿפֿדמ תמ״ה,

איינשיפּועדיק

לבֿ/ב. מיט ז י ך — זיך אײַנגעניטן אין שיסן.
איינשיפּועדיק — אַדי. וואָס האָט נאָר (באַשטייט פֿון) איין שיפּוע פֿון איין זײַט אוקאָסנע (←). ״האָבן מיר דערזען... אַ קליינעם

באַלאַגאַן מיט אַן א'ן דאַך, אויסגעביית אַוודאי
דורך יעגערס", ב. ראַבינאָוויטש איבז, וו.
אַרסעניעוו, אין דער טײַגע, קיִעוו 1930.

אײנשיפֿן — שיף אײַן, ~געשיפֿט. אוטוו —
--
1. אַרויפֿקומען אויף אַ שיף כּדי צו פֿאָרן.
„מיר האָבן שוין געהאַט אײַנגעשיפֿט, אָבער
די שיף איז דערנאָך געשטאַנען אין פֿאָרט אַ
גאַנצן מעת־לעת". 2. אָנקומען מיט אַ שיף.
א, אין האַפֿן.
טרוו — 1. ברענגען צו פֿירן אויף אַ שיף.
א, סחורות אין פֿאָרט אַרײַן. 2.
אײַנלאָקירן, אײַנאָרדענען אויף אַ שיף. א, די
עמיגראַנטן.
מיט ז י ך — „מיר האָבן זיך אַ שיף
געדונגען: מיר האָבן זיך אַלע דרײַ אײַנגעשיפֿט קיין
באַזראַ„, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839.
„דאָס עסטרײַכישע מיליטער האָט זיך אין
טריִעסט... אײַנגעשיפֿט„, קורות העתּים, אַס
י

6 1860, No. "מע האָט אים אָבער געשטעלט אַן ענגלישע שיף... האָט ער זיך דערויף
אײַנגעשיפּט", קמ, 4 1866' No. „דאָרט האָבן זיי געדוט צוויי מעת־לעת און האָבן זיך
אײַנגעשיפּט נאָך אַמעריקע„, ייִפּאָל, 13 1881, No.
־ונג — א, פֿון מענטשן, פֿון סחורות אין פּאָרט. „די א, אינעם פּאָרט פֿון אילת„, איק, 20 3 19 XII.

איינשיצן — טרוו. שיץ אײַן, געשיצט.
--

באַשיצן אַ געוויסע צײַט. באַשיצן, אָבער ניט אויסהיטן פֿון אַלע סכּנות. „דעם פּרעזידענט קענעדי האָט מען אַוודאי אײַנגעשיצט, מע האָט אים אָבער ניט אויסגעשיצט„, רייד (נ,י).

איינשיקן — טרוו. שיק אײַן, ~געשיקט.
-

1. אַרײַנשיקן. „האָבן זיי מיר דאָ אײַנגעשיקט אַ גאַנץ קעסטעלע מיט צירונג„, עט, סערקעלע. „לכן זאָל ער מוחל זײַן נאָך א, כּך־וכּך", יהל, דער אַפּיקורס, וואַרשע 1904. „אַלע סחורות קענען אײַנגעשיקט ווערן אויף דעם נאָמען פֿון דער אַגענטסטווע„, קמ (מודעה), 33 1863, No.
2. אַוועקשיקן. „אין ייִענם וואַלד איז זײַן טיר גאַרטן. דא וויל איך אין אײַן שיקן יאָגן„,

בּבֿאבֿוך, 17. „אי„ה בּבֿואי לשלום בּביתי חשבּון דר
פֿון ווער איַין שיקן„, י. מאַרשן, חנוך לנער,
פֿיורדא 1774, ח/א. 3. געבּן אַ מתּן־בּסתר,
צדקה, מעות חטים אע. א, אַ נצרך אַלץ וואָס אַ
ייִד בּאַדאַרף אויף פּסח. א, פֿון דער שטאָט.
־דנג.
איינשיקעווען — אוטוו ־קעווע איַין, ~
געــ .
שיקעוועט. פּר (ראָדעם אאַ). איַינפּלאַנירן.
איַינקאָמבּינירן. א, אַז מע זאָל אים פֿאַרבּעטן
דעמאָלט ווען ער קען שוין ניט קומען.
איינשישען — ־שע איַין, ~געשישעט. פּר.
-
דזוו איַינסושען. אוטוו — איַינטריקענען,
איַינסאָכניען. א, פֿון ניט דערעסן פֿון צרות. טרוו
,

1236

— מאַכן עס זאָל ווערן אויסגעטריקנט. א,
האָלץ.
איַינשכנותן — [... שכיינעסן] טרוו. שכנות
איַין, ~געשכנותט. נעאָל. צונויפֿבּרענגען אין
שכנות, מאַכן פֿאַר שכנים. „די כּוונה בּיַי אַזאַ

א, צוזאַמען דעם ◌יאָ, מיט דעם ,ניין',,, דר, י◌־
ראָל רובּין, טאָז, 8 l929, No־9.
אײַנשלאָג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנשלאָגן. אַ שטאַרקער א,. אַן
אומגעריכטער א'. 2. ◌אַרבּייג פֿון סחורה אין
אַ מלבּוש, וואָס מע קען אַרויסלאָזן ווען מע
ווערט העכער אָדער בּרייטער. אַן א, פֿון אַ
פֿאָר צענטימעטער. ,,מאַכט ניט אָן אַן א', מײַן
זונעלע וואַקסט, קיין עין־הרע“.
3 פֿאַרבּויגענער קאַנט בּײַ לעדער אַרטיקלען,
־

.

בּײַ בּלעך אאַ. אַן א, אויף צו בּאָרדירן
אינעווייניק אַ דאַמענטאַש. ־ונג.
איינשלאָגן — טרוו. שלאָג אײַן, ~געשלאָגן.
◌־
1. אַרײַנשלאָגן. אָרײַנקלאַפּן. א אַ נאָגל אין
,

וואַנט. א, עמעצן עפּעס אין קאָפּ אַרײַן. ,,אודר
דשׂ מן אים זאָל קוגלן [= קײַקלען] אַן פֿעסר,
דיא מיט נעגל איין גישלאגן זײַן“, לט1, קמו/ב.

2. שלאָגן אַ לענגערע צײַט, שלאָגן אַ סך. צוגעוואוינען צום געשלאָגן ווערן. א, די שטיפֿקינדער. א, אַ הונט, ער זאָל אָנטלויפֿן ווען ער זעט אַ שטעקן. אַזוי א, די חדר־ייִנגלעך זיי זאָלן מער ניט מורא האָבן פֿאַרן קאַנטשיק.

3. אַרײַנגעבן, אַרײַנטאָן (אין אַ שפּײַז). א, אַן איי אין באָרשט, אין זופּ.

4. אויפֿשלאָגן, מאַכן פּוכיק. מאַכן ווייכער.

א אַ קישן. א, אייער אויף שוים. „אַ ▯אָנקבֿעטל

,

וואָס איז געמאַכט געוואָרן דערויף צו זיצן טאָר

מען עס [אום שבֿ▯] ניט א, אָדער אויסשלאָגן

מע זאָל קענען זיצן דערויף“, לט2, סה/א.

5. אַרײַנמישן נאָך אַ קאָליר בײַם מאָלן. א, דעם קאָליר מיט בלוי.

6. אונטערבייגן, פֿאַרבייגן. מאַכן קירצער אָדער שמעלער אַ מלבוש. (← אײַנשלאָג, ב2). א, די פּאָלעס. א, די הײַזעלעך. אויך: פֿאַרקאָשערן פֿאַרשאַרצן. א, די פּאָלעס בײַם גיין אין

,

טיפֿן שניי.

7. איבערבייגן אַ קאַנט אין לעדער־אָרטיקלען, בײַ בלעכערײַ אאַ (← אײַנשלאָג, ב3). „א, אַ קענטל פֿאַרבייגן דעם רויען קאַנט פֿון אַ

שטיקל לעדער, צוקלאַפּן מיט דער האַנט,
נאָכדעם ווי עס איז אונטערגעשמירט מיט קלײַ,
און ווען די לעדער איז גראָב — צוקלאַפּן מיט
אַ האַמער. מע רופֿט עס אויך בּאָרדירן,,, ב
ריימאַן. 8. (שטריקמאַכערײַ) מאַכן קירצער
ווי נייטיק בּײַם אַרײַנפֿלעכטן גראָבּע שטריק.
א, דעם קאַנאַט.
9. אַראָפּדריקן. מאַכן נידעריקער. א, די ערד.
א, זאַמד. ,,די טראָפּנס זאָלן... ניט א, דעם
בּאָדן,,, יאַכ II.
1O. צעבּרעכן. א, די שויבּן. ,,חבֿרה האָבּן
שוין אָנגעהויבּן א, די פֿענצטער בּײַ די יִידן,,,
ייִפֿאָל, 11 .13 1885' No. דערשלאָגן.
דערהרגענען. ,,די פּאָגראָמשטשיקעס האָבּן אים
אײַנגעשלאָגן צוס טויט,,. 12. אָנשטעקן, קראַנק

אײַנשלאָפֿן

מאַכן. ,,זײַ גיוואָרנט פֿר קעלט אַז איהם ניט
דיא פּאָקין אײַן שלאגין,,, ר, דוד טע􀀀יל בּר,
יעקבֿ אָשכּנזי, בּית דוד, ווילמערסדאָרף 1734.
13. אויך אוטוו, אַקוזוו. טרעפֿן אין עמעצן
און אומבּרענגען, רואינירן. אַ דונער קען א,

(אין) אַ בוים. „אויפֿן וועג ליגן צווי גויִם, דער דונער האָט זיי אײַנגעשלאָגן. זיי לעבן ביידע, זיי שרײַען נאָך הילף“, א. בערגמאַן, קאָצקער מעסtיות, וואַרשע 1929. זן — אַ ב ל יץ שלאָגט אײַן. אַ סגולה: ווען ס'בליצט, אַרײַנשטעלן אַ גלאָז וואַסער אין פֿענצטער, וועט דער בליץ ניט א'. קללה: אַ ד ו נ ע ר זאָל אים א'. „זאָל אײַך אַ דונער א'! פֿלעגט זיך די מוטער

-----.

אָננעמען פֿאַר איר קינד„, אַר, 'דער בוים'. אויך: אָ פּ ג י ר ה זאָל אײַך (אים) א'!. אויך: אַ צרה (אומגליק, פּאָפּלעקציע אע) האָט אײַנגעשלאָגן. „דײַן פֿאַרפֿלוכטע שוועסטער וועט אָ פּאָפּלעקסיע א, דאָס זעענדיק„, א. י. סאַפּיר, ... חטאת הקהל... I, ווילנע 1881. *אַ דונער האָט אײַנגעשלאָגן = ס'איז געשען אַן אומגעריכטע צרה. „אַ גרויסער דונער האָט אײַנגעשלאָגן, מע האַט צעראַבירט מײַן געשעפֿט“, רייד (נ„י).

14. אוטוו. אײַנשטימען, מסכּים זײַן (קלאַפּן איינער דעם אַנדערן איבער די הענט). „דאַפּיר גיט ער מיר 90 גילדן, איך האָב אײַנגעשלאָגן“, ווז, פּב [פּש II]. „שלאָג אײַן [אויפֿן שידוך] און איך שטעל דיר תּיכּף מײַן פֿאַמיליע פֿאָר

אַלס מײַן אייגן קינד,,, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָביטש 1898. ,,זאָלן זיי אַפֿילו שוין וועלן בּאַצאָלן, ווּעסטו אויך ניט א,,,, י. מעצקער, אויפֿן זיידנס פֿעלדער.

15. אַקוזוו. זן. אײַנשטעלן, אויסקלײַבּן; אַרײַנטרעטן. צוטרעטן. ,,בּאַזונדערס די יונגע האָבּן זיך שׂואל בּעצה געווען וואָס פֿאַר אַ וועג זיי זאָלן א,,,, צעד, ז, 20. די בּלאָז־אינסטרומענטן שלאָגן אײַן ערשט בּײַם סוף פֿון דער אדוּוערטורע.

מיט ז י ו — א, זיך אין קאָפּ אַ משוגעת.

—עכ ן. ־עניש.

אײַנשלאָפֿן — אוטוו. שלאָף אײַן, בּ י ן &

--

ה אָ ב ~געשלאָפֿן. 1. איבּערגיין פֿון צושטאַנד פֿון וואַך זײַן אין צושטאַנד פֿון שלאָף. אַנטשלאָפֿן ווערן. א, גרינג, געשמאַק. א, און פֿאַרגעסן די צרות. צומאַכן די אויגן און א'. זיך היטן ניט אײַנצושלאָפֿן אין (אויפֿן) פֿראָסט.

פֿון גרויס דאָסאַדע שלאָף איך אײַן און מײַנע

,,
הענט לייג איך צוקאָפּן", פֿל. א, אויפֿן שטול נאָך אַ טאָג שווערער אַרבּעט. א, בּײַ אַ נודנער לעקציע. מלל פֿאַרטײַטשט ,נרדמתּי על פּני

ארצה, (דניאל, ח, 18): ,,בּין טיף איַין גישלאָפֿן,,
[תּי: ,,אָנטשלאָפֿן געוואָרן‘‘]. ,,איך האָב מיד
איבּר רידן לאזין אונ, בּין ליגין גיבּליבּן אדנ,
תּיכּף האַרט אין גישלאפֿין,,, גה, 167. ,,דער
מאַן וואַר מיד אונ, וואַר איַין שלאפֿין,,, □tיח
ה□tדה, פֿיורדא תּצ‘‘ז, פֿרק ו. ,,אונ, ער וואַר
איין שלאַפֿן גליַיך אַלז איין טוטער פֿון וועגין
גרושׂי אַנגשׂט‘‘, יוסיפֿון, אַמשט 1743. ,,און
זאָלט ניט פֿאַרגעסן צו מאַכן די בּרכה פֿון
המפּיל... און זאָלט ניט מפֿסיק זיַין מיט

איַינ□זלאָפֿ(ע)ניען

קיין וואָרט, בּיז ער וועט א',,, אמד איבּז, בּית
אָבֿרהם, ווילנע 1865. ,,נאָך קריאת־שמע
לייענען איז ער קיינמאָל ניט איַינגעשלאָפֿן אָן די
ציצית פֿון ציצית־כּנפֿות אין דער האַנט‘‘, אַש,
תּהילים־ייִד. מעטאָנימיש: ,,בּיַינאַכט ווען דאַס
שטעטל שלאָפֿט איַין, שטיי איך איינער בּיַים
טיַיך ווי אַ שומר‘‘, סעג, קאַפּריזן.
פֿפֿ: א, ווי נאָך אַ באָד, ווי נאָך אַ גוטער
(זאַטער) וועטשערע, ווי נאָך אַ תּענית, ווי נאָכן
אויסוויינען זיך, ווי אַ (זייג)קינד, ווי אַ

געפּאַטשטער (ווי נאָך פּעטש).

2. ווערן פֿאַרשטײַפֿט אויף אַ קורצער צײַט. „ער איז געזעסן אַ פֿוס איבער אַ פֿוס, איז אים אַ פֿוס אײַנגעשלאָפֿן“. געלעגן אויף דער האַנט און זי איז אײַנגעשלאָפֿן. „לעצטנס האָ מיר גענומען ווײ טאָן די האַנט און א, די פֿינגער“, טמז, 8 IX 1967.

3. קומען אין אַ צושטאַנד פֿון רו, ענלעך צו אַ שלאָף. „הילט זיך אײַן דער בוים אין ווײַסן מאַנטל... ער שלאָפֿט אײַן און חלומט איבער אַ וועלט“, פּרץ, „קלאָץ־געשיכטן'. „דער ים איז אײַנגעשלאָפֿן, לײַכט צוגעדעקט אין זײַדענעם געוואַנט„, סעג, אַ בוים פֿון פּוילן. “אין אויוון גייט דאָס פֿײַער אויס, דער קוימען — ז' אײַנגעשלאָפֿן“, הר. „עס שלאָפֿן אײַן די וועגן אין בײַנאַכטן“, פּמ, ברידער.

4. בלײַבן אָן באַוועגונג, אָן אַנטוויקלונג. לאָזן א, אַ פּראָצעס. „די באַן איז צום שטעטל ניט דערגאַנגען, איז אונדזער שטעטל אײַנגעשלאָפֿן“. „האָט ער דעם זאַסעדאַטעל געשענקט אַ טוץ בוטעלקעס גוטן ווײַן, האָט ער צוגעזאָגט דעם אינטערעס צו לאָזן א'„, יפּ.

5. (רואיק) שטאַרבן. „די אַלטינקע איז אײַנגעשלאָפֿן שטיל, ווי אַ הון„. „אונדזערע עלטערן

וואָס האָכּן דאָ אײַנגעשלאָפֿן דעם אײבּיקן שלאָף,,, אמד, דער גואל, ווילנע 1866.

—עכץ. ־עניש. ־ער — ◌ ניט קיין צוהערער, נאַר אַן א,".

אײַנשלאָפֿ(ע)ניען — אוטוו. ־פֿ(ע)ניע אײַן, ~געשלאָפֿ(ע)ניעט. אײַנשלאָפֿן, אָפּלאַכעריש. ,,ביז ער איז אַזוי פּאַמעלעך־פֿריילעך אין זײַן חלום ווידער אײַנגעשלאָפּעניעט בשלום,,, מלה.

אײַנשלאַק — דער (די), ־ן. (שטריקמאַכערײַ) פֿאָדעם וואָס ווערט דורכגעוואָרפֿן בעתן וועבן. דזוו קעטע בײַם וועבן.

אײַנשלומערן — אוטוו. ־ער אײַן, ~ געשלומערט. אײַנדרעמלען אויף אַ קורצער צײַט. אורח פֿאַרטײַטשט 'נמו, (תּהליס, עו, 6): ,,איַ◌־ געשלומערט" [תּי: ,,אײַנגעשלאָפֿן,,]. ,,קוים אָבער האָט מען אײַנגעשלומערט, האָט מען דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּן אין טויער,,, אמד, דער אַנטלאָפֿענער רעקרוטל, ווילנע 1872. ,,דער שלאָף אין פֿאַרוואָגלט געוועזן פֿון זײַנע אויגן, נאָר ווען די קעניגין איז אָן כּוחות געבּליבּן ליגן, האָט ער אויף עטלעכע מינוט געקענט א',,, ש. רעססער, רבּה, וואַרשע 1876. אַרכ: ~שלומען. Mhd: s1ummen. ,,מילך מאַכט שווער די גלידר פֿון דען מענשן דז מן דער

פֿון אײַן שלומט,,, סהמ, שופֿטים, ד, 19. ,,ווען

דו דײַן לערנין ניט רעכט אַרושׂרעטשׂט [= רעדסט אַרויס] און טושׂט נאָר אינווענדיג בּרומן, טושׂטו דריבּר אײַן שלומן,,, עיון, כט/ב.

אײַנשלומפּערן — טרוו. ־ער אײַן, ~ געשלומפּערט. מאַכן אַ שלומפֿער. אײַנבּרודיקן. א, די קאַפּאָטע. גיין אין בלאָטעס און א, די מלבּושים. אויך מיט ז י ך.

איינשלונג — דער, ־ען. פּפֿ: ,שלינג. -

1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנשלינגען.
2. פֿישל וואָס אַ גרעסערער פֿיש האָט אײַנגעשלונגען און מע געפֿינט עס נאָך גאַנצערהייט אין בּוך פֿון פֿיש. מאַכן דעם פֿיש און אַרויסנעמען אַן א'. אויך: אײַנשלונד.

איינשלוס — דער, ־ן. אַקט אָדער אָבּיעקט -

פֿון אײַנשליסן. ,,אַז מע בּאַקומט אַ בּריוו מיט אַן א, פֿיר יעמאַנדן איז עס אויך אַ מצווה זיך מטריח צו זײַן דעם בּריוו תּיכּף צו איבּערגעבּן“,

ר, יצחק האַמבורגער איבז, פלא יועץ, ווילנע 1898. „אָן קיין שום א, מיט דער רופֿנדיקער ווירקלעכקייט“, כאַליאַסטרע, פּאַריז 1924. א, ־ צייכנס — קלאַמערן, האַלבע לבֿנות.

איינשלופֿן? — טרוו. שלוף איין, ~געשלופֿט.

אַרכ 1]נ Mhd: s1ou. אַרײַנשיבן, אַרײַנרוקן, אַרײַנשטופּן. מאַכן אַרײַנגליטשן. "זיא צו בישן אין איר גידערם צום תּחת שלופֿן זיא אין איין", שמואל־בוך, סטראָפּע 96. „דא ער [מנשה] ישעיה וואָלט אום ברענגן, דא נענט ער איין שם, דא וואַר ער איין געשלופֿט אין איין טענען בוים„, סהמ, ישעיה, א/א.

איינשלוקן — טרוו. שלוק איין, ~געשלוקט.

אַרכ. איינשלינגען. אַראָפּשלינגען אַ שלוק. א, אַ ביסל וואַסער. „ער מכט זיך זא גרוש אונד שלוקט שלמה איין„, 'כ"י מלכים־בוך, 16. י"ה, [פֿאַלק, וואַכשטיין־בוך, 1939]. „ווערט דישפּוטירט אין די (גמרא) אוב דש בלוט, וואש דען מענשן אויש דיא צען קומט, אוב מן דש מאג אין שלוקין„, שאַר, קלח. „מן זאָל נעמן פֿו דר דריטי (מצה) איין שטיק... אן, זונדר (ברכה) זאָל מן עש איין שלוקין„, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק„ז, קמד/א. „ער העט איהם

שוין אין גישלוקט און, אויף גיפֿרעסין,,,
'שילדבורגר זעלצאַמי און, קורצווילי ישיכטי,
[אַווע III]. ,,קומט איין פֿיש און, וויל דען
וואָרים אין שלוקין און, ווערט דער דורך גפֿאַנגן“,
מהמ, אַמשט 1722, יח/א.
אײַנשליאַנטעוועז — טרוו. ־טעווע אײַן,
~געשליאַנטעוועט. (סטאָליערײַ) אײַנהובלען
די קאַנטן פֿרגל אויסשליאַנטעווען, 376.

.

אײַנשלײַדערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געשלײַדערט. 1. אײַנוואַרפֿן. א, די וואַנט. א, ווי
אַ קאָרטנשטיבל. 2. אַרײַנוואַרפֿן. א, דעם
ייִנגל אין אַ קופּע שניי. 3. אומוואַרפֿן. א,
בײַם ראַנגלען זיך.
אײַנשלײַכן זיך — אוטוו. שלײַך זיך אײַן,
זיך ~געשלײַכט. אויך: ~געשליכן.
אַרײַנקומען אומבאַמערקט, בשתיקה, בגניבֿה. ,,איין
זאָלכר... שפּיאון דער זיך... אַן דיזן האָף

אײַנשלינגען
-

איין שלײַכט“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק
1718. ,,דיזר פֿעהלר דער זיך... האָט אײַן

גשליכן אין דיא קלייני קינדרש צונגן,,, אבֿן
יסtראל, מעץ 1766. ,,אומפֿאַסנדע מנהגים וואָס
האָבן זיך אײַנגעשלײַכט אין די חבֿרות
קדישות", צעד, 49.
איינשלייערן— טרוו. ־ער אײַן, ~געשלייערט.
-
1. אײַנדעקן (ווי) מיט אַ שלייער. א, דאָס פּנים.
"דער שאַל איז פֿרײַ אַרומגעפֿלויגן... און
שלייערט אונדז פֿאַרכּישופֿט אײַן", סעג, '
רעגינאַ'. 2. חתונה מאַכן (געוויינלעך מיט אַ
נעגאַטיווער באַציאונג). א, אַ בלינדן מיט אַ
שטומער. ,,איר מיינט אפֿשר דאָס איר וועט
מיר א אַ בטלן,... איך וועל ליבער אַרזיצן",
— ,
אַל"ק [קאַרטוזשינסקי], די גליקל ע אַמיליע,
וואַרשע 1881. ,,אַזאַ פּאָקראַקע... וויל מיר
מײַן פֿעטער א, פֿאַר אַ מאַן", אַמעריקאַנישע
גליקן, וואַרשע 1895. ,,צי קלערט ער נישט אַז
מע האָט אים עפּעס אײַנגעשלייערט אַ כּלה אַ
קלאָג,,, ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג,. 3.
אַרײַננאַרן, אײַנשווינדלען. א אַ סחורה אַז מע זאָל
,
ניט קענען פּטור ווערן פֿון איר. *א, אין אַן
אַנדער געוואַנט — פֿאָרברענגען אַן ענין אויף

-
—
אַן אַנדער אוֹפֿן (געוויינלעך אויף אָפּצונאַרן).
אויך מיט ז י ך. ־ונג. ־ניש.
אײַנשלייפֿן — טרוו. שלייף איַן, ~געשלייפֿט.
1. מאַכן אין פֿאָרעם פֿון אַ שלייף. אַרײַנמאַכן,
אַרײַנניייען אַ שלייף. א אַ בענדל. א, די בלוזקע
,
פֿון אויבן. „די אָדערן אויף העלדזער —
אײַנגעשלייפֿט ווי שטריק“, פּמ, מלחמה 2.
אַרומנייען לעכלעך פֿאַר קנעפּ אע. א, די קנאָפּלעכער
פֿון מאַנטל ־ונג.

אײנשלייפֿן — טרוו. שלײַף איַן, ~געשלײַ ט,
- -
..„געשליפֿן. 1. אײַנשאַרפֿן אויף (מיט) אַ
שלײַפֿשטיין. א, אַ שער, אַ מעסער אע. „שלײַפֿט
איין איטליכר זײַן שווערט און, זײַן שפּיזן צו
שטרײַטן„, יוסיפֿון, אַמשט 1743, כח. 2. בכלל
מאַכן שאַרפֿער. א, דעם מוח מיט האַרבע
סוגיות. מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
איינשלינג — דער, ־ען. פּפֿ: ~שלונג.
--
אַקט אָדער רעזולטאַט פֿ ן אײַנשלינגען. אַ

גרויסער א'. אַ ביטערער א'.

איינשלינגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

-

רעזולטאַט פֿון אײַנשלינגען. ,,האָלצקוילן
באַזיצן... די פֿעאיקייט אײַנצושלינגען גיפֿטיקע
שטאָפֿן. וואָס גרעסער די אייבערפֿלאַך אַלץ
גרעסער איז די א',, פֿגעז, ווילנע 3 l935, No. ,,די

,

עקאָנאָמישע צוגרייטונג פֿאַר דער פּאָליטישער
א, פֿון יוגאָסלאַוויע,, פֿאַש, 3 1950 III.

,

אײַנשלינגען — טרוו. שלינג אײַז, ~

געשלונגען. 1. אַראָפּשלינגען. אַרונטערלאָזן דורכן
שלונג אין מאָגן (מיט אַ שטאַרקן צי). ניט
צעקײַען, נאָר א, דאָס עסן. עפֿענען אַ פּיסק און
ווען א,. מלל פֿאַרטײַטשט 'כי שאָפֿני אנוש,
(תּהלים, נו, 2): ,,אין שלינגין,, [תּי: ,,א, וויל
מיך אַ מענטש,,]. ,,אוך די בעלי־חיות, עופֿות
ודגים — וועלכשׂ שטרקר איז — שלינגט עשׂ
אין דשׂ אַנדרי,,, שי, מא/א. ,,נעם איין פֿיש
וואשׂ איין אַנדרין האָט אײַן גשלונגין....,,

אײַנשלינגען

ר, מרדכי גימפּל בר, לאזר הינדלש מק,,ק צילץ,
מע)מחי לבֿ, אַמשט 1718. ,,איז געוואָרן זייער
גרויס ביזן הימל און האָט אים געוואָלט א',,,
נחבֿ, 'מעשׂה מחכם...'. ,,איז געקומען אַ
גרויסער פֿיש און האָט עס איַנגעשלונגען מיט דעם
פֿערל,,, לט2, נג/ב. ,,כּלומרשט פֿריַנד וועלכע
עפֿענען אויף דיר אַ מויל און דיך
איַנצושלינגען גאָרניט פֿריל“, ממוס, יודל.
פֿיג. א, איינער דעם אַנדערן. *א, ל ע בּ ע ־
ד י ק (ע ר ה י י ט) [< 'אזי חיים בלעינו',
תּהליט, קכד, 3] = אויסראָטן, אומבּרענגען,
דערהרגענען. *וועלן (וואָלטן) א,
לעבּעדיקערהייט = זיַן גוואַלדיק אין כּעס אויף עמעצן,
זיַן גרייט אים צו טאָן דאָס ערגסטע. ער איז
קאַפּאַבּל אים איַנצושלינגען לעבּעדיקערהייט.
,,דען וועז קיין מורא מעכט צווישן מענשן פֿר
הרשאַפֿטן, מעכט איינר דעם אַנדרן לעבּנדיג
שלינגן איַן“, עיון, ע/ב. “דער פֿיַנד... מיינט
אונדז איַנצושלינגען לעבּעדיקע“, י. מ.
וואָהלמאַן איבּז, י׳ תּחס נדר, ווילנע 1873. ,,די מדינה
וועט בּלייַבּן אָן אַ מלך, וועט איינער דעם
אַנדערן לעבּעדיקערהייט א'“, נחבּ, 'מעשׂה נסים,.
,,סאַראַ זיס קינד! איך וואָלט עס

אײַנגעשלונגען!„ פֿוול. *א אַ בעזעם, אַ שטעקן = זיך

האַלטן גלײַך, זיך אויסציִען אין דער גאַנצער
הייך; זיך האַלטן שטאָלץ. „אַ מאַן אַ פֿאַרשוין
און גלײַך ווי ער װאָלט אײַנגעשלונגען אַ
בעזעם“. „שטײַף דאַרף זיך אַ מענטש האַלטן,
גלײַך ווי ער וואָלט נאָך קינדווײַז...
אײַנגעשלונגען אַ שטעקן„, פרץ געדאַנקען און
אידייען. *עפֿענען אַ(זאַ) פּיסק אויף
אײַנצושלינגען = שטאַרק זידלען, שעלטן. *א, אַ קאַץ =
אויפֿהערן רעדן, רעדן געציילטע ווערטער. *א,
אַ מויז, אַ ראַץ = א) דורכלעבן עפּעס
עקלדיקס; ב) ניט אָפּענטפֿערן אויף אַ באַליידיקונג.
וואוילינגעריש: שלינג אײַן די שמאַלציקע
שלינע (סלינע) = שווײַג. קללה: „זאָלן זיי איינער
דעם אַנדערן א, און איינער מיטן אַנדערן זיך
דערווערגן“.
2. גיך און אַ סך אויפֿעסן אָדער
אויסטרינקען. א, אַלץ וואָס שטייט אויפֿן טיש. א, גאַנצע
גלעזער בראַנפֿן. א, דעם שור־הבר (אַן אָקס
מיט די קאָפּיטעס). „איך בין אַזוי הונגעריק
איך וואָלט אײַנגעשלונגען דעם שור־הבר„, פֿוול.
פֿיג. „איך קען נאָך א, עטלעכע פּאָר יאָרן און
אַלץ ניט ווערן איבערזאַט„, דפּ, אין טיפֿן

עלטער.

פּפֿ: גרינג ווי אָ האָר א,; א, ווי הייסע האַלישקעס, פֿאַרפֿל, קניידלעך; א, ווי הייסע (קאַלטע) לאָקשן. א, ווי קליאָצקעס, קרעפּלעך. א, ווי אָ גאַנדז, אַ גאָנער, אַ העלפֿאַנט, אַ העכט, ווי דער לוויתן, ווי אַ ִיש, אַ שלײַען.

3. אַרײַננעמען אין זיך אויף אַן אופֿן וואָס איז ענלעך אויף אײַנשלינגען. „אַ וואַסער (טײַך, אָזערע) מוז יעדער יאָר א אַ מענטשן ִאַ קרבן)“

,

— גלייבעניש פֿאַרלוירן געוואָרן ווי די ערד

. —

(דער ים) וואָלט אים אײַנגעשלונגען. „וואָלקן, וואָלקן, שלינג מיך אײַן און טו מיט מיר אוועקשוועבן„ פֿל. דער טונעל שלינגט אײַן די

-

,

באַן. „ער וויל האָבן זִן פֿאָטערס... סוף,

1233

אײַנגעשלונגען ווערן געזונטערהייט פֿון ים“, פּרק, 'נסים אויפֿן ים'. „ווי דער ים שלינגען זיי אײַן די שטראָמען אַרבעט“, דא, געדאַנקען

און בילדער, וואַרשע 1910. "ווען די ערד עפֿנט זיך אונטער מיר און שלינגט מיך אײַן...,, וואָלט מיר דעמאָלט געווען מער ניחא", ממוס, אין אַ שטורם־צײַט. ,,דער גאַנצער חלל פֿון שול איז שוין אויפֿגעגעסן, אײַנגעשלרנגען ?ון אַ פֿינצטערער חיה", אַש, תּהילים־ייִד. "די רעלסן מיט די סלופּעס האָט לאַנגזאַם אײַנגעשלונגען די אָנקומענדיקע נאַכט", בערג, אַרום וואָקזאַל.

4. געריק אײַנזאַפּן אין זיך (מיט איינעם פֿון די חושים). א, אַלץ וואָס מע זעט, מע הערט. א, דעם רבינס ווערטער. א, די זיסע טענער. א, די ריחות פֿון וואַלד און פֿעלד. ,,דאָס אויג איז קליין (אַ קליין לעכל) און שלינגט אײַן די גאַנצע וועלט,,, שוו. ?א, מיט די אויגן (בליקן)= לאַנג און אָנגעשטרענגט באַקוקן (און דערבײַ באַגערן). שטיין פֿאַרן אויסשטעל־פֿענצטער און א, מיט די אויגן די טײַערע צירונג. ,,ווען זי גייט אין גאַס, שלינגט מען זי ממש אײַן מיט די אויגן". ,,קוק אויף אים און שלינג אים שיִער ניט אײַן מיט מײַנע בליקן,,, אר, ,דער גימנאַזיסט,.

5. אַזוי ווי אײַנזויגן אין זיך און פֿאַרכאַפּט ווערן, באַהערשט ווערן פֿון דעם. אַ ת?ווה קען

א, דעם מענטשן. „מיר שלינגען אײַן...

ניצוצין ‍ון זיי שטריקן זיך פֿעדעם אין האַרץ“,

,

פּרץ, לידער און פּאָעמען. „דאָס שׂמחת־

תורהטאַנצן שלינגט זיי אײַן, זיי ווערן פֿאַרכאַפּט

מיט דער שׂמחה־התלהבֿות,„ לדב, נ“י תּשי“ז,

קצו. „דער איינציקער מענטש... בענקט נאָך

אַ ציל וואָס זאָל אים פֿאַרכאַפֿן, א'“, שנ,

דערציילערס און ראָמאַניסטן II.

6. אַרײַנכאַפּן פֿאַרכאַפּן. אַרײַנקריגן פֿאַר זיך.

‍

וועלן א, אַ ל ץ. (וועלן) א, די גאַנצע ו ו ע ל ט.

„כּל־זמן (אַזוי לאַנג ווי) די אויגן זײַנען אָפֿן,

ווילט זיך א, די וועלט“; „גיב (פּרוּוו געבן)

דעם רשע אַ פֿינגער, שלינגט ער דיך אינגאַנצן

אײַן“; „וואָס איז דער סוף פֿון מענטשן וואָס

וויל א, די (גאַנצע) וועלט? פֿיר איילן ערד (

קרקע)“, שוו. “זיי קענען זיך קיינער ניט

אָנזעטיקן. די גאַנצע וועלט ווילן זיי א',„ לעאָן עלבע,

ייִנגעלע־רינגעלע. א, פֿרעמד האָב־און־גוטס.

א אַ לאַנד. „דער חורבן האָט אָן מאָס, אָן זעט

,

מדינות אײַנגעשלונגען“, הל, ,דאָס ליד פֿון

פּשוטן וואונדער,.

7. שטאַרק איבּערלעבּן עפּעס און נ י ט
אויסדריקן עס. א, אַ בּאַליידיקונג. א, דעם
זיפֿץ, בּאַהאַלטן אים פֿאַר גוטע ▯רײַנד. „,
אײַנגעשלונגען צרות, אָנגעזופּט זיך ווייטיק מיטן
פֿולן מויל“ פֿרוג II.

‚

8. (וועגן אַ מצבֿ, סיטואַציע) אינגאַנצן
בּאַהערשן. „נישט זיצן פֿאַרלייגט די הענט און
לאָזן דאָס אָרעמקייט זאָל זיי גאָר אינגאַנצן
א''“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבּן. „די
אַמעריקאַנער פּאָבּליק־סקול מיט דער רוישנדיקער
גאַס וואָס בּלענדט, שלינגט אײַן פֿאַר אונדזערע
אויגן הונדערטער מענטשן אַ טאָג“, אָפּאַ,
היבּרו. „בּײַ אונדז איז די קונסט...

אײַנגעאײַנשלינדן

שלונגען געוואָרן ▯ון דער עטיק„, שנ, קריטיק
און קריטיקעך.
9. מיט גרויס אינטערעס, מיט נײַגער,
דערוויסן זיך, הערן, לייענען אע (פֿרגל בּ4). א, אַ
בּוך פֿון טאָוול צו טאָוול (מדאָסקע לדאָסקע).
„האָבּ איך גאָר אויפֿדאָסנײַ ווי די האַלעשקעס
אײַנגעשלונגען נאָך אַנדערע מיני מעשׂיות“,

ממוס, קליאַטשע.

1O. אָפּכאַפּן גיך (בײַם ריידן, דאַוונען, לייענען אע). א, דאָס דאַוונען. א, דעם שחרית אאַזוו. א, דעם יום תּהילים. „ניט אַזוי ווי די פּראָסטע לײַט וואָס כאַפּן די ברכה מיט זייערע ציין און שלינגען אײַן מיט זייער צונג“, ר, משה בר, נתן נטע איבּז, ש״ט מוסר, סודלקאָוו 1833. „אין דער גיך זיך אָנגעטאָן, אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, אײַנגעשלונגען דעם 'מודה אַני',,,, שע,

-

אַקטיאָרן'. „עס וואָלט אים אַ שאָד געווען

,

אײַנצושלינגען די גאַנצע מעשׂה אויף איין מאָל צוליב דער אינטערעסאַנטקייט,,, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'.

11 פֿאַרניצן איבער יעדער מאָס (דערבײַ

.

אויך ניט־באַרעכנט) פֿאַרתּכלעווען. דירה־געלט

.

שלינגט אײַן אַ דריטל פֿון פֿאַרדינסט. דאָס געשעפֿט שלינגט אײַן דעם רווח. די אַרבעט שלינגט אײַן די גאַנצע צײַט, אַלע כּוחות. „אַ גלוסטיקער אוֹצר און אייל איז אין דער וואוינונג פֿון חכם, אָבער דער נאַרישער מענטש

שלינגט עס אײַן ['יבֿלענו,]“, תּי, משלי, כא, 20.
,,דער חדר שלינגט אײַן זייער גרויסע סומען
געלט“, ח ־רה מפֿיצי הע)כּלה, אַ ־אָר ווערטער
צו יודישע עלטערען..., ווילנע 1914. ,,הײַנט
דאָס בויען וואָס איך בוי שלינגט אײַן אַזוי פֿיל
געלט,,, שע, זומער לעבן. ,,דער אויוון... איז
אַ גזלן, ער שלינגט אײַן צוויי אָבערעמעס
האָלץ,,, בערג, בײַם דניעפּער I.
12. בטל מאַכן. ,,אַזוי פֿיל שטאָלצע צילן
וואָס די יאָרן שלינגען אײַן“, סעג, לירישע
לידער. ,,די ווירקונג פֿון... ברעמזעס שטיצט
זיך אויף דעם וואָס די רײַבונג פֿון דער ברעמזע
שלינגט אײַן די אינערציע פֿון דעם זיך
באַוועגנד[יק]ן קערפּער,,, מ. זאַבלודאָווסקי,
פֿיזיקע..., ביאַליסטאָק 1929.
מיט ז י ך — קזוו. ־עכ ־ן. ־עניש —
,,יענע א, און אַסימילאַציע, יענע
פֿעלקערפֿרעסערײַ וואָס קומט נאָך איצטער פֿאָר“, זשיט
X, נ,,י 1919. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
אײַנשלינגעריש — אַדי. וואָס איז אין דער
טבֿע פֿון אַן אײַנשלינגער. וואָס האָט אַ נאַטור
אײַנצושלינגען. א'ער אַפּעטיט. ־קייט.
איינשלינדונג — די, ־ען. אַרכ. פּראָצעס
-

אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנשלינדן (← דווו).
„(מגמת) דאשׁ איין שלינדונג פֿון אירן פּנים
איז גלײַך (קדימה)“, סהמ, חבַקוק, א, 9.
איינשלינדן — טרוו. שלינד אײַן, ~געשלונדן.
-
אַרכ. Mhd : slin(i . אײַנשלינגען. בּאר
התּורה און מסז פֿאַרטײַטשן 'ובלעה, (בּמדבּר,
טז, 30): „איין שלינדן„ [תּי: „אײַנשלינגען“].
„אַז איין גרובּ די דא איין שלינט איין גנצן גוף,
אַזו ווערלן מיר זיא איין שלונד (חיים)

לעבּנאײַנשליסונג

דיגרהייט„, סהמ, משלי, א, 12. „אובּ שפּייאַכט
אין זײַן מויל קעם, זול ערשׁ איין שלינדן„, לט1,
יא/א. „האָבּן זי [= זיי] אײַן גשלונדן גלײַך
קיכליך“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, ח/א. „זיי
פֿאַרוויסטן און א, מיטאַנאַנדער“, צור, הפֿטרת
בּראשית.
איינשליסונג — די, ־ען. פֿראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אײַנשליסן. “וועט צו יעדן
מאָמענט פֿאָרקומען אַ נײַע א, פֿון די צוויי
פֿלאַכן, און מע מוז... אָנווענדן פֿרישע

כּוחות אַרויסצושלעפּן [די שטיקער האָלץ] פֿון
דיזער א',,, דר, אבּ. קאַספּע, פֿיזיק, נ,,י 1916.
איינשליסיק — אַדי. נעאָל. וואָס שליסט
-
(אַלץ) איַין. כּוללדיק. ,,אונדזער קולטור... בּיז
דער השׂכּלה איז געווען אַן א'ע, אָבער ניט קיין
טאָטאַליסטישע,,, מוו, ייִבל XXX. ־יקייט.
איינשליסל — דער, ־ען. הענטל בּ אַ
מאַי

-
שין איַינצושליסן אָדער אויסצושליסן דעם
עלעקטרישן שטראָם. דזוו איַינשליסער.
איַינשליסלעך — 1. אַדוו. אַריַינגערעכנט,
אַריַינגענומען אין חשבּון. די קאַנטאָר איז
אָפֿן פֿון 9 אינדערפֿרי בּיז 5 נאָכמיטאָג א'.
,,קרובֿים און מחותּנים בּיז דער צווייטער
ליניע א, קענען ניט זיַין גליַיכציַיטיק קיין
מיטגלידער ניט פֿון ראָט און ניט פֿון פֿאַרוואַלטונג,,,
א. שמויש, האַנטבּוך פֿאַר קרעדיט־
קאָאָפּעראַטיוון וואַרשע־ווילנע 1925. 2. אַדי. וואָס גייט
אַריַין אין חשבּון. אַלע א'ע הוצאָות. 3. אַדי.
וואָס מע קען איַינשליסן. אַלע א'ע חפֿצים

האַלטן אונטערן שלאָס.

איינשליסן — טרוו. שליס איין, ᵕ,געשלאָסן.

--

1 פאַרשליסן אַ זאַך פאַרמאַכן מיט (אונטער

.

,

אַ שלאָס. א אַ טיר, אַ צימער. א, די צירונג,

,

שפּייז אאַזוו. ,,זאלין זיא מעתיק זיין כל דבֿר ודבֿר אין דאשׂ פּנקס הנ,,ל אונ, תּכף ווידר איינשליסען, דר נאָך אַז זיא כל דבֿר אונטר חתמת האָבן בחתימת ידם בפּנקס הנ,,ל“, תּקק.

2. האַלטן פאַרשפּאַרט. היפּוך פֿון אַרויסלאָזן. א, די בירגערס, ניט לאָזן אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד. ,,גוט [=גאָט]... יענן האָט איין גישלוסן אונ, מיט ייִסורים גישטראָפֿט,,, סהמ, איובֿ, יא, 10. ,,ער טוט מיך א, אין אַ גלעזערן קאַסטן“, איין שיינה היסטאָריע פֿון איין קיניג אויע) דעס לאַנד פּערסיען, סוף 18. י,,ה, אָרט? ,,די שטאָט... שליסט אים איין מיט טויזנט אַנדערע אין גלות פֿון אייזנוועגט“, מלה, אין ניו־יאָרק.

3. אַרעסטירן. האַלטן אין תּפֿיסה. א, דעם פאַרברעכער. א, עמעצן וואָס מען איז אים חושד. ,,זא איין (פֿרנקבֿורטר) טרעט אויף אונזר ערד זאָלט איר אין איין שליסן,,, ווינץ.

4. איזאָלירן. ניט דערלאָזן צו אַ קאָנטאַקט
מיט עפּעס אָדער עמעצן. “מן זאַל דיא חמשה
אַנשים תּיכף אַז זיא דיא שבֿועה הנ„ל גיטאן
איַין שליסען“, תּקק. „אַזו זיַין ליַיט דיא האבּן
אַכטונג אויף אירי וויַיבּר.. □ אונ, שליסט זיא
איַין אַלי ציַיט“, בּראַנט, פּרק יד. „מוזין
בּתּפֿיסה □ין, איז אבּר ניט איַין גישלאסין ווארין אונ,
מן האָט מעגין צו איהם רעדין„„ ,כּ„י וועגן
מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. א,

דעזינפֿי1239

צירטע אינסטרומענטן. „אויבֿ מע וויל געוויסע
שטאָפֿן האַלטן אין אַן אמתער טרוקענער
אַטמאָספֿערע, שליסט מען זיי איַין אין אַ כּלי □ ..
[מיט] שוועבּל־זויערע„„ ס. פֿ□.נסטאָון, כעמיע,
נ„י 1920.
5. אַרומרינגלען. מאַכן אַ בּלאָקאַדע. א, דעם
שׂונאס אַ בּריגאַדע. „פּריַיסן איז געווען אַ
בּעלבּיתטע איבּער דעם בּאַלטישן ים און קען
רוסלאַנד פֿון דער זיַיט א'“, קמ, 33 1866, No.
6 פֿיג. אַזוי ווי האַלטן אונטער אַ שלאָס.

א, ספֿקות אין האַרצן (קאָפּ) און ניט קענען
פּטור ווערן פֿון זיי.

7. אַרומנעמען. א, אין די אָרעמס. א, אין קלאַמערן. א, דעם הויף אין (מיט) אַ צוים.

8. איינקערפֿערן. אַריינגעמען אין אַ פֿורעם. "געווען באַדאַרפֿט איערע ווערטער א, אין אַ מין תּהילימל־פֿאָרמאַט", זב, די שטימע פֿון טאָל, נ"י 1940. "זאָגט בערגסאָן: דער מהות פֿון אינטעלעקט איז וואָס ער שליסט אונדז איין אין קרייז פֿון דער פֿאַראַנענקייט", ש. ביקל, טמז, 27 5 19 III.

9. אַריינגעמען אין די גרענעצן פֿון אַן אַדמיניסטראַציע. א, די אָקופּירטע געגנטן אונטער דעם הויפּט־קאָמאַנדיר. א, די אַרומיקע דערפֿער אין די גרענעצן פֿון דער גרויסשטאָט. "ווש עמון ווש גיוועזן דש שלושן דיא יודן אַלש איין", שמואל־בוך, סטראָפֿע 1340. "באַשלאָסן איינצושליסן דעם לופֿטפֿאָרט אין דעם נייעם גרענעץ־געביט", פֿאָר, 1967 II 18.

10. אַרײַננעמען צווישן אַ סכום, אין אַ גרופּע, אין אַ כּלל זאַכן. א, די קליינע חבֿרה אין יוגנט־קלובּ. א, עמעצן אין אַ פֿאַראיין.
א, די רעקרוטן אין אַ פֿאָלק. „דער ייִד, אַקאַדעמישער ווערטערבוך דאַרף א, די ייִדישע רעליגיעז־שטייגערישע ליטעראַטור, מוסר־ליטעראַטור, תּחינות אאַ...", ל. ווילענקין, דער ייִד, אַקאַדעמישער ווערטערבוך און דער ייִד, שפּראַכאַטלעס (פּראָיעקט), מינסק 1929. „[אים] דאַרף מען א, אין אונדזער באַטאַרייע, אַרויסגעבן זאַכן", ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָ—לוציע I, אַדעס 1931. „מע האָט זי אײַנגעשלאָסן אין דער בּריגאַדע... אויף האָלץ־פֿאַרגרייטונג", ש. פּערסאָוו, אויצרעס, מאָסקווע 1939. „דער אינסעקטן־שבֿט שליסט אײַן צווישן זײַנע מיטגלידער בּעלי־חיים פֿון פֿאַרשידענע פֿאָרמאַטן", ש. בּלום, דער בּוים פֿון לעבן, נ"י 1931. „דיזש ספֿר ווערט אײַן שליסן זײַן צו אַלי די ספֿר מוסר אונ טײַטשי ספֿר יראה", עפּש, דרך הישך לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פֿרק לט.
11. אַרײַננעמען אין אַ חשבּון, אין אַ גײַסטיקן כּלל. מאַכן פֿאַר אָ באַשטאַנדטייל פֿון אַן אידיי(ע), סיסטעם געדאַנקען. א, אין חשבּון די

פֿאַרלאָרענע צײַט. א, אויך די טענות פֿון דער
אָפּאָזיציע. א, די ראַיות פֿון דער פֿאַרטיידיקונג.
א, א י ן זיך אַלע מעגלעכע באַווײַזן. „א, דאָס
באַניצן זיך מיט באַוואָפֿנטע כּוחות“, טמז,
11 X 1964. „אַלשׂ וואשׂ איך דופּליצירט האבּ
אַן דוכּס יר„ה איז מיט דעם בפֿעלן בּחותם
של הדוכּס יר"ה אין גשלאסין ווארדן„, גה, 362.
„גלײַכהייט שליסט אײַן אין זיך אַז קיין גרופּע

אײַנשלעפֿן

מענטשן זאָל ניט האָבּן קיין בּרעקל איבּערוואָג
איבּער אַן אַנדער גרופּע„, זשיט II, נ„י 1912.
"ער שליסט אײַן אין זײַן פּראָגראַם די
פּאָזיטיווע פּונקטן פֿון די אַלע ריכטונגען„, שנ,
שלוס אַש.
12. לאָזן אין גאַנג (אַ שטראָם ענערגיע).
בּרענגען אין קאָנטאַקט מיט עלעקטרע. א, דעם
מאָטאָר. א, דעם עלעקטרישן שטראָם. „האָט
אויפֿגעהויבּן די האַנט איבּערן קאָפּ און
אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ„, ה. דאָבּין, סאָוו, הײמלאַנד,
13 .2 1 □19, No. אַרײַננעמען, אײַנפֿעסטיקן
אין אַ מאַשין. א, די פֿאָרמע נאָך דער לעצטער
קאָרעקטור.

14. אײַנדריקן. אײַנפּרעסן. אַרײַנטאָן אין אַ קלעם. א, אין אַ סדום־בעטל. „אין די תּפֿיסה זולשֿט געבן אונ, אין דען שטוק [=שטאָק] אײַן שליסן“, שעריר, כט, 26. „מן זאָל דען דוימן אײַן שליסן אונטר דיא פֿיר פֿינגר [ווען מע נעמט דעם כּוס של הבֿדלה אין האַנט]„, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא פֿפֿדמ תּמ“ה?

,

15. אַרכ. (אָנטאָן און) פֿאַרשפּיליען. „זײַן העלם טעט ער וואַל אײַן שלישֿן„, בבֿא־בוך, 407.

מיט ז י ך — זיך א, אויף דער גאַנצער נאַכט. זיך א, אין די אייגענע דלד אמות, אין די דלד אמות פֿון הלכה. זיך א, אין אַן עלפֿנבייןטורעם. זיך א, אין די פֿריִערדיקע גרענעצן. „וואשֿ ווערשֿטו דא מיט גווינן דשֿ דוא דיך אײַן שליסט אין דיא מוארין פֿון די שטאַט„, יוסיפֿון אַמשט 1743, קנד ־עכ ן —עניש.

. .

אײַנשליסער — דער, ־ס. 1. ווער עס שליסט אײַן. 2. הענטל אָדער קנעפּל אײַנצושליסן אָדער אויסצושליסן דעם עלעקטרישן שטראָם. אַ קוועטש טאָן דעם א, און אָנצינדן ליכט. אַ צי טאָן דעם א, און לאָזן אין גאַנג

די מאַשין. „ער לויפֿט צו צום א', לאָזט דעם מאָטאָר. די מאַשינעס צעהודזשען זיך", הערשל ווינאָקור, אין אויפֿקוס, מאָסקווע 1932 ־עריי.

— .

אײַנשלעפּן — טרוו. שלעפּ אײַן, ~געשלעפּט. אַרײַנשלעפּן. צוזאַמענשלעפּן. א, דעם פּגר אין וואַסער אַרײַן. „.... ער גלײַכט די וועלט צו איינם וויזלין, עשׂ שלעפּט אײַן און, ווייש ניט וועם עשׂ דז נידר ליגט", בּראַנט, מא. מיט ז י ך — זיך א, אין שענק אַרײַן. ־עניש.

אײַנשלעפּיק — אַדי. וואָס שלעפּט אײַן, קען אײַנשלעפּן. א'ע דרשות. ־יקייט.

אײַנשלעפֿן — [לאַנגע ע] טרוו. שלעף אײַן, ~געשלעפֿט. פּר. אוקר. דזוו אײַנשלעפֿערן.

1. דערפֿירן צו אַ מצבֿ פֿון שלאָף. וויגן און א.. א, עמעצן מיט אַ לידעלע, ווי אַ קינד. א, דעם פּאַציענט פֿאַר דער אָפּעראַציע. „א, קען מען אַ קינד — אַ וועלט קען מען נישט א'„ שוו. „איטלעכעס בלימל באַזונדער שלעפֿסטו שטיל אײַן ווי די קינדער„ עט, לידער.

2. אָפּשוואַכן, אָפּטעמפּן. מאַכן מע זאָל רעאַגירן ווייניקער אָדער אינגאַנצן ניט. א, געפֿילן, עמאָציעס. „דאָס לעבן אַליין קען א, דאָס געוויסן". *א, ווי אַ קינד — פֿאַררײדן די ציין און

גרינג אָפּנאַרן. 3. אײַנרואיקן. מאַכן מע אָל

אײַנשלעפֿער

זײַן אַפּאַטיש. „מע האָט אונדז מיט טאַנצן און שפּילן, מיט זינגען און שפּרינגען ווײַטער זיס אײַנגעשלעפֿט„, גענאַרטע וועלט, 1815? 4. פֿאַרשטײַפֿן, אײַנדריקן אַ גליד עס זאָל ווערן אַ שטער פֿאַר דער בלוט־צירקולאַציע. א אַן אבֿר.

,

א אַ פֿוס, אַ האַנט. א, לעולם ועד =
דערהר,

גענען.
איינשלעפֿער — דער, ־ס. 1. ונו ־ין, ־קע,
-
־ס. ווער עס שלעפֿערט אײַן. אַ רעדנער אַן א'.
2. שלאָפֿמיטל. א'־פּיל. „ניט נעמען מער ווי צוויי א'ס„..
איינשלעפֿער(ד)יק — אַדי. וואָס שלעפֿערט
-
אײַן, וואָס מאַכט (דערפֿירט צום) שלאָפֿן. א'ע, נאַרקאָטישע מיטלען. „דעם א'ן מאָן האָדעוועט

מען בײַ אונדז צוליב זײַנע זוימען,,, ד. האָכבערג
איבז, אָ. שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1920.
־יקייט.
איינשלעפֿערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פֿון אײַנשלעפֿערן. אַן א, פֿאַר דער
אָפּעראַציע. ,,אַלגעמיינע א, דורך אײַנאָטעמונג
איז שוין אין איר טעכניק פֿאַר זיך אַליין אַן
ערנסטע זאַך,, פֿגעז, ווילנע 8 1940, No.

,
איינשלעפֿעריש — אַדי. וואָס האָט אַ טבֿע
-
אײַנצושלעפֿערן. וואָס העלפֿט (דערפֿירט צום)
אײַנשלעפֿערן. ״קאָמבינירטע מיטלען דורך געבן
גלײַכצײַטיק אַן א'ן מיטל האָבן זיך
אַרויסגעוויזן אומגענוגנדיק פֿאַר אַלע אָפּעראַציעס און
אַלע קראַנקע״ פֿגעז, ווילנע 8 1940, No.

,
־קייט.
איינשלעפֿערל — דאָס, ־עך. נעאָל. פּיל
--
וואָס איז אַ מיטל צום אײַנשלאָפֿן. ״נעם ניט
מער ווי צוויי א'עך״, רייד (נ״י).
איינשלעפֿערן — טרוו. ־ער אײַן, ~

געשלעפֿערט. לד, כּלל־שפּראַך. דזוו אײַנשלעפֿן.
1. דערפֿירן צו אַ מצבֿ פֿון שלאָף. זינגען אַ
וויגלידל און א, דאָס עוֹפֿעלע. מלל פֿאַרטײַטשט
'ותישנהו על בּרכּיה, (שופֿטים טז, 19): „איין
שלעפֿרן“ [תּי: „פֿאַרשלעפֿערט“]. „עס גלעט מיך
די זון ווי מיט וואַרעמע פֿינגער און שלעפֿערט
מיך אײַן אַזוי לײַכט און געשווינד“, סעג, 'אין
קאַזמערזש'. „די וועלט זאָגט אַז מעשׂיות זענען
גוט אײַנצושלעפֿערן, און איך זאָג אַז מיט
מעשׂיות וועקט מען מענטשן פֿון שלאָף“, אין
נאָמען פֿון ר, נחמן בּרא◌לעווער. „זי האָט
געשפּילט זייער זיס און זאַכט אום דעם סולטאַן
אײַנצושלעפֿערן“, אמד, שוד ורצח, ווילנע 1888.
“אים האָט אײַנגעשלעפֿערט זײַן
אָפּגעשוואַכטקייט“, בּערג, 'דער עדות'. “דער מחבּר פֿון
ס◌ר חסידים אַסרט אַפֿילו אײַנצושלעפֿערן
קליינע קינדער אין די וויגן מיט גויאישע
לידער,„ מ. אונגער, טמד, 27 1964 IX.
2. מאַכן שלעפֿעריק. א, דעם עולם מיט נודנע
דרשות. “אויבֿ ניט די ווילדע געשרייען, וואָלט
די פֿאָרשטעלונג אַלעמען אײַנגעשלעפֿערט„.
3. אַנעסטעזירן פֿאַרטויבֿן. א, מיט גאַז און

.

אַרויסרײַסן אַ צאָן. א, נאָר אַ טייל פֿון קערפּער.
4. אָפּשוואַכן. אָפּטעמפּן. מאַכן מע זאָל
רעאַגירן ווייניקער אָדער אינגאַנצן ניט. א, די
געפֿילן, די עמאָציעס. א, די וואַכיקייט. *א, ווי

אַ קינד ← אײַנשלעפֿן. „איז דעם יצר־הרע ניט
געראָטן, ער זאָל אים א, אין תּאוות־
עולמהזה אַרײַן“, ע)יח ספֿונים, וואַרשע 1872. „גיפּט
צו בּאַטויבּן די נערוון און אײַנצושלעפֿערן דעם
ווילן“, חיים ליבּערמאַן, פֿאָר, 24 1962 III.
5. אײַנרואיקן. א, מיט זיסע רייד. „איירי
מאַייעשׂטיט זאָנשׂט זיך אַל צו זיכר אײַן
שלעפֿרן לאָזן ווערט“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבּעק
1718. „דער כּוח הסבֿלנות איז פֿאַר אונדז אַ
וואַרע רעטונג, דאָס מאַכט אונדז אַפֿילו אַ בּיסל
א'“, ירמי, יוטף יאַקאָבּזאַהן, המא־ר לארץ,
מינעאַפּאָליס 1900. 6. דזוו אײַנשלעפֿן, בּ4
־ונג. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
אײַנשלעפֿערנדיק — אַדי. וואָס שלעפֿערט

אײַן. א'ע פֿילן. “איר רעדע... ווי וואַסער פֿון
אַ גוטן קראַן, אין אַזאַ מין מעסיקן און א'ן
שטראָם“, אי. קיפּניס איבּז, ק. טשוקאָווסקי, די

זוניקע, קיִעוו 1934.
אײַנשלעפֿערניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אײַנשלעפֿערן. מצבֿ פֿון זײַן באַווירקט פֿון אײַנשלעפֿערן. ״זיך דערוווּטערן פֿון אַזעלכע א'ן... זיך באַמיִען צו זען אַלצדינג מיט אָפֿענע אויגן״, מ. שטריגלער, איק, 9 II 1968.
אײַנשמאָדערן — טרוו. ־ער אײַן, ־ ־'י' געשמאָדערט. אײַנבּרודיקן, אײַנשמוציקן.
אײַנשלומפֿערן. א, קליידער, ס'פּנימל. מיט ז י ך — זיך א, ווי אַ טײַוול. ־ניש.
איינשמאַלצן — טרוו. שמאַלץ אײַן, ~ געשמאַלצט. פּפֿ: ~שמאַלציקן. אײַנשמירן
--

מיט שמאַלץ. א, די פּאַטעלניע. פֿיג. א, אַ מאָנאָלאָג מיט פֿעטע וויצן. ← ~שמעלצן.

־ונג.

אײַנשמאָרגלען — ← אײַנשמערגלען.

אײַנשמאָרן — טרוו. שמאָר אײַן, ~געשמאָרט.

אײַנדעמפּן, אײַנדעמפּן. אײַנפּרעגלען. א פּלייש.

א, ציבעלע. ־עכץ.

אײַנשמאָרען — טרוו. ־רע אײַן, ..,

געשמאָרעט. פּפּ: ,סמאָרען. שטאַרק אײַנבּרודיקן.

אײַנחזירן. א, דאָס בּעטגעוואַנט, עס זאָל זײַן

בּרידקע זיך אַוועקצולייגן. מיט ז י ך — א,

זיך ווי אַן אמתער סמאַראָוואָזניק. ־עכן.

־עניש.

אײַנשמאַרצן — אוטוו. שמאַרץ אײַן, ~

געשמאַרצט. אַ לענגערע צײַט און אינטענסיוו

שמאַרצן. "זי האָט זיך געקראַצט, האָט עס

איר נאָך מער אײַנגעשמאַרצט".

איינשמאָרקען — ← אײַנסמאָרקען.

־

איינשמוגלען — טרוו ־גל אײַן, ~

געשמו־ .

גלט. לאָקל, זאַמעט — ..,שמוכלען.

אַרײַנבּרענגען קאָנטראַבּאַנד פּאַרווערטע זאַכן. א,

,

,טרייפע, ליטעראַטור ־עניש.

.
איינשמוכטן — טרוו. שמוכט אײַן, ~

געשמוכט. אײַנשטינקען. א, די קאַמער מיט
אַ ביטערן רויך ־עניש.

.
איינשמוע(ה)ן — טרוו. שמוע(ה) אײַן, ~

געשמוע(ה)ט. <שמועה [שמועסן <שמועות].
אײַנרעדן. איבערגעבן אַ נײַס, אַ קלאַנג, און
אײַנרעדן אַז עס איז אַזוי. „זיי האָבן דיך

אײַנאײַנשמוצ(יק)ן

געשמועט — ירשענען דיזע וועלט ווע‌סטו
קאָנען„„ ספֿר ישרי לבֿ, ווילנע והורדנא, תּקע״ט.
אײַנשמועסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנשמועסן. ״דאַרפֿן מיר פֿון
אַלערליי א'ען מבֿולבל ווערן?״, זשיט II ▯י, נ„י
1917. „איז די א, ניט אַזוי לשם גלויבן און
אויפֿלעבונג פֿון ייִדישער קולטור״, יג, איק,
14 ▯ 1957 I.
אײַנשמועסן — טרוו. ־עס אײַן, ~געשמועסט.
--

1. אײַנרעדן.ווירקן מיט אַ סך רייד מע זאָל
עפּעס אָננעמען. א, מיט גוטע רייד. *וועלן א,
אַ קינד אין בויך — אוממעגלעכס, אַזוינס וואָס
דאַרף אַרויסרופֿן נאָר געלעכטער. *א, יענעם
אַ לונג־און־לעבער אונטער דער נאָז = א)
אַזוינס וואָס איז ניט מעגלעך; בּ) אַזוינס וואָס
קען דערפֿירן צו מרה־שחורה. „ער וועט מיך
בּאַלד א, דאָס דער דײַטשל איז אַ למד־וואָווניק„,
צ. ז. רובּינשטיין, דער שרעקליכער קנס־מאָל,
אַדעס 1883. „מע מוז פֿאָרן, האָבּן ז אַלץ
יי

-

געדרונגען און אײַנגעשמועסט דעם עולם„,
ממוס, מסעות. „מיט אַ פּאַטריאָטישן פּנים...
ווילן זיי א, דעם עולם אַז דער ציוניזם איז
שוין נאָך דער צײַט“, א. ל. זײַדמאַן, וואָס דאַרפֿן
מיר, בּאַרדיטשעוו 1898. „די מוטער האָט זיך
געפֿרףווט אַרײַנמישן, צוריידן, א, די טאַכטער„,
י א. לייזעראָוויטש פֿונם אַלטן קוואַל,
פֿעט ,
ראָגראַד 1918.
2. אויך אוטוו. אײַנטענהן. גיי שמועס אײַן

אַ וועלט! ״איך וואָלט אַצינד אַ בעלן געווען אַ ביסל א, מיט דעם מלמד... לאָמיך זען וואו ער האַלט,,, קמ, 19 1870, No.

מיט ז י ך — זיך א, אַז מען איז ניט מער קיין ייִד, נאָר אַ פֿראַנצויז. ,,חזנים פּלעגן זיך אויסציִען שווערן אַז איך בין אַ גרויסער מבֿין אויף זינגען. איך האָב זיך געלאָזט א,,,, אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1894. ,,איר שמועסט זיך איין אַז איר וואָלט מיט אייער שׂכל, מיט אייער גוטסקייט באַשאַפֿן אַ וועלט גאָר אַנטיק״, ממוס, קליאַטשע. ,,און אייער געוויסן וועט זיך א', אַז איר זענט שוין יוצא פֿאַר גאָט און פֿאַר לייטן״, ייִפּאָל, 6 1890, No.

איינשמועסעניש — דאָס (די), ־ן.
געדויערדיקער פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון איינשמועסן. ,,די נאַרישע פֿאַרליבעניש וועלכע ס'איז ניט מער ווי אַן... א',,, ח. ד.
גילדענבלאַטט, א▯רהמ'עלע בעל־עגלה, ווילנע 1913. ,,די וואוילע־יונגען האָבן געטענהט אַז די גאַנצע זאַך איז אַן א', אַ זאַבאַבאָנע״, באַש, איק, ר,,ה תּשי,,ח.

איינשמועסער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־קע, ־ס.
--
ווער עס שמועסט איין. אַן א'קע מיט אַ

געשליפֿן צינגעלע.
אײַנשמוצ(יק)ן — טרוו. שמוץ(יק) אײַן,
~געשמוצ(יק)ט. 1. אײַנשמירן מיט שמוץ,
קויט. א, די קליידער, די דירה. ״פֿלעגן מיך
נאָר אַ ביסל א, מיט זייערע ווייכע לאַפּטשעס״,
בעמ 2 .II. קאָמפּראָמיטירן, שטאַרק מבֿזה
זײַן. א, יענעמס נאָמען, אַז יענער זאָל זיו ניט
קענען ווײַזן פֿאַר לײַטנס אויגן. מיט ז י ך —

אײַנשמידן

„איך וויל ניט אַז דו זאָלסט זיך אײַנשמוצן
דײַנע הענט מיט זייער געלט״, פֿאָר, 27 1965 II.
־ונג.
איינשמידן — טרוו. שמיד אײַן, ~געשמידט.
--
1. אײַנקאָוועןּ; שמידן אַ צײַט. דערפֿירן די
ארבעט פֿון שמידן ביזן סוף. א אַ פּרענטע
,

-

אײַזן. 2. אַרײַנשמידן. א, אײַזנדלעך אין אַ
פּלאַטע. 3. צונויפֿשמידן. א, אינאיינעם צוויי

שטיקער אײַזן. 4. אײַנפֿעסטיקן מיט אײַזנס. א, די פֿענצטער, די טיר. 5. צונויפֿדריקן, באַדעקן אַזוי ווי מע וואָלט פֿאַרשמידט. דער פֿראָסט שמידט אײַן דעם טײַך. "דאָס שווײַגעניש קומט פֿון די שטיינער און שמידט אײַן די וועלט", סעג, קאַפּריזן. 6. אָנטאָן קייטן. א, אין קייטן און טרײַבן קיין סיביר. „די שווערע אײַזערנע קייטן, אין וועלכע קנאה און שׂנאה האָבן אים אײַנגעשמידט", מ. ריבֿקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914. 7. פֿיג. פֿאַרשקלאַפֿן. „מע וויל נאָר אָפּנאַרן דאָס פֿאָלק מיט זיסע רייד און א, אים אין שפּאָגל־נײַע קייטן", בּ. בּ־קי, וואָס איז אַ קאָנסטיטואירענדע פֿערזאַמלונג, זשענעוו 1905. מיט ז י ך — „האָט זיך זײַן געשטאַלט... אײַנגעשמידט מיט גאָלד־שטראַלן אין מײַן נשמה", סעג, געברענטע טריט.

איינשמייכלען — ־כל אײַן, ◌ ,געשמייכלט.
-

אוטוו — שמייכלען בעתן רעדן אָדער טאָן עפּעס. „מע זאָל ניט מוסרן אַ קינד און א, דערבײַ". טרוו — 1. מאַכן אַז יענער זאָל אָנהייבן שמייכלען. א, עמעצן. 2. דטשמ. נר. צוחנפֿענען זיך. מיט ז י ך — „דער קלוגער

מיניסטער וואָס האָט געוואוסט... זיך
אײַנצושמייכלען בײַם פּירשט,,, קמ, 27 1864, No.
־ונ .
איינשמייסן — טרוו. שמײַס אײַן, ~געשמיסן.
-- --
1. אַ צײַט שמײַסן, שלאָגן, קלאַפּן. א אַז מע
,
זאָל זיך ניט קענען זעצן אויפֿן זײַט־מיר־מוחל.
א, די פֿלייצעס מיט אַ בעזעמל. 2. אַרכ. פֿאַר
כלל־שפּראַך דטשמ. נר. אײַנבּרעכן, אײַנוואַרפֿן,
אײַנוואַלגערן אע. ,,און, האבן דיא פּענשׂטרס
אײַן גשמיסן און, זײַנן אין דשׂ הויז אַרײַן
גשטיגן“, שאַר, קלה/ב. ־עניש.
איינשמיר — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אײַנשמירן. דאָס מיט וואָס מע שמירט אײַן.
אַ נײַער א, ווען מע ברענט זיך אָפּ אויף דער
זון. ־ונג.
איינשמירן — טרוו. שמיר אײַן, ~געשמירט.
-
1. (צום טייל) באַדעקן מיט אָ שיכט פֿון
קלעפּיקן אָדער קאָליריקן שטאָף. א, די באַקן מיט
רוזש. א אָ וואונד מיט זאַלב. א, שטיוול מיט
,

טראָן. א אַ שיפּל מיט סמאָלע. „די טאָכטער

פֿון לוט האָט נאָר אַ שטיקל ברויט געגעבן אַן
עני, האָבן די שטאָטלײַט זי אײַנגעשמירט אין
האָניק און האָבן זי געשטעלט צווישן בינען ביז
די בינען האָבן זי אויפֿגעגעסן“, נצ2, לו/ג.
2. אַרײַנלאָזן פּעט שמירעכץ אין עפּעס. א, די
אַקסן. א, די מאַשין.
3. אײַנפֿלעקן. אײַנשמוצן. אײַנקויטיקן. א,
די קליידער בײַ דער אַרבעט. „ווער עס פּאָרעט

1241

זיך מיט סמאָלע שמירט (זיך) אײַן די הענט„,
שוו. „דאָס פּײַניקן פֿון פֿאַסטן זאָל מכפּר זײַן
וואָס מיר האָבן אַ גאַנץ יאָר... אײַנגעשמירט
מיט אונדזערע עבֿירות די נשמה„, תּחינה שערי
תּשובֿה, ווילנע 1858. „שמירט אײַן די נאַקעטע
ברוין־רויטע אײַנשיט פֿונעם קישן“, נאַד. *ניט
(וועלן) א, די ה ע נ ט = א) ניט שלאָגן עמעצן
ווײַל ער איז עקלדיק; ב) ניט נעמען זיך צו
עפּעס וואָס איז אומווערדיק. א, אַ יאָלד =
א) אָפּנאַרן; ב) צעבלוטיקן. 4. אויבנאויף
באַשמירן מיט פּוטער, אייל אע. א, די פּאַטעלניע

פֿאַרן בראָטן. א, די חלה מיט אַ געלכל.
5. אײַנקלעפּן; אײַנבויען. „קיין... קעסלין [צו ברײַען בראַנפֿן, ביר] אײַן שמירן באותו כּפֿרים וואשׂ עד הנה קיין קעסלין זײַן כלל ניט גיוועזן“, „פּנקס פֿון האָרקי, 1687, [צײַטשריפֿט, 4, מינסק 1930].
6. רעדן רכילות אויף עמעצן. מאַכן (אַרויסלאָזן) אַ שלעכטן נאָמען. „מ'האָט זי אײַנגעשמירט פֿאַר זײַנע אויגן“, לט2, ה/ב. „צום סוף איז אים נאָך ווייניק אײַנצושמירן קיִעווער ייִדן, טשעפּעט ער זיו אויך צו אַלע, אַפֿילו צו אַדעסער אויך„, קמ, 19 l865, No.
7. געבן שוחד, כאַבאַר, וואָס ווירקט. אונטערקויפֿן מיט חניפֿה. א, דעם פּריסטאַוו. „אונדזערע שׂונאים האָבן [אין 1863] געקריגן אַ געלעגנהייט אונדז אײַנצושמירן. בכן עטלעכע ייִדן האָבן געהאַלטן מיט די פּוילן„, ארז, קמ, 1865, No 1.

מיט ז י ך — א, זיך דאָס פּנים. ־עכ ן.
—עניש. ־ער (־ין, —קע). ־ערײַ.
אײַנשמעלערן — טרוו. ־ער אײַן, ~ געשמעלערט. פֿפֿ: ~שמעלן. 1. מאַכן שמעלער. אײַננעמען. א, די טאַליע. 2. מאַכן שמעלער ווי מע דאַרף פֿאַרשמעלערן. א אַ מאַנטל מע

זאָל אים ניט קענען אָנטאָן. 3. רעדוצירן, פֿאַרקלענערן. ענגער מאַכן. א, די פֿרײַהייטן פֿון פֿאָלק. א, דעם האָריזאָנט. א, די מאַכט פֿון דירעקטאָר.
מיט ז י ך פֿון וואַשן האָט דאָס וואָלענע
— ,,
קלייד זיך אײַנגעשמעלערט". ,,זײַנע ליפּן האָבן זיך מיטאַמאָל אײַנגעשמעלערט, בּיז די לאַנגפֿליישיקע נאָז האָט זיך פֿאַרהויבּן", יוסף חנני, איק, ר,,ה תּשכ"ח. ,,די חיונה שמעלערט זיך אײַן". ־עכץ. ־(ע)ניש. ־ער (־ין, ־קע) — אַ שנײַדערקע אַן א'קע. —(ער)ונג.
ערײַ.
איינשמעלץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזול־־
טאַט פֿון אײַנשמעלצן. דאָס וואָס מע שמעלצט אײַן. אַן א, פֿון אַן אַנדער מעטאַל ־ונג.

איינשמעלצן — טרוו. שמעלץ אײַן; ~

געשמאָלצן, ~געשמעלצט. 1. צעלאָזן, מאַכן פֿליסיק. די זון שמעלצט אײַן דעם שניי.
2. אַרײַנשמעלצן. א, בלײַ אין פֿורעמס.

3. אײַנטריפֿן צעלאָזענעם חלבֿ און אײַנקלעפּן
אַ ליכט. א, די ליבט אין די לײַכטערס. א, די
חנוכּה־ליכטלעך. א, אַ יאָרצײַט־ליכט. 4.
אַרויפֿטאָן, אָרײַנטאָן פֿעטס. א, די פּאַטעלנ(י)ע.

אײַנשנור(עווע)ן
א, די זופּ. 5 פֿאַרשמירן, אײַנשמירן מיט
.

□

פֿעטס. א, די קאַפּאָטע.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
אײַנשמעקן — טרוו. שמעק אײַן, ~געשמעקט.
1. אײַנציִען אין זיך ריחות. א, די ריחות מיט
אַ פֿולער בּרוסט. 2. אָנפֿילן מיט אַ ריח. די
גוטע מאכלים שמעקן אײַן דאָס גאַנצע הויז.
מיט ז י ך — א, זיך אין דער לופֿט. א, זיך
וו אַ שפּירהונט. „ער האַלט... אין איין א,
י
זיך אין די זאַלבֿן„, בּערג, בּ□ִם דניעפּער I.
־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.

אײַנשמערגלען — טרוו. ־גל אײַן, ~
געשמערגלט. אײַנפּרעגלען ניט־געראָטן (מיט
אַ שלעכטן ריח, עס זאָל בלײַבן האַלב־רוי
אָדער צו שטאַרק פֿאַרברענט). א, קאָטלעטן מע
זאָל זיי אין מויל ניט קענען נעמען. ־עכ ן.
־עניש.
איינשמערגען — טרוו. ־גע אײַן, ~
געשמער־־
געט. פּאָד, גאַליציע. אײַנשמוציקן,
אײַנברודיקן. א, די פּלודערלעך.
איינשנאָלן — טרוו. שנאָל אײַן, י.,געשנאָלט.
אויך: י,,שנאַלן פֿאַרציִען אויף אַ שנאָל;
.
־

אײַנהעקלען. א, דעם רעגנמאַנטל. אויך מיט
ז י ך.
אײַנשנאַפּן — טרוו. שנאַפּ אײַן, ~געשנאַפּט.
1. אַרײַנכאַפּן. מלל פֿאַרטײַטשט ,ושאף צמים
חילם, (איובֿ, ה, 5): ,,אין שנאפּין,, [תּי: ,,
אײַנשלינגען,,]. 2. אײַנאָטעמען מיט אַ טיפֿן צי.
אַרויסגיין פֿון אַ שטיקעניש און א, פֿרישע
לופֿט.

אײַנשנאָר(ע)ן — טרוו. שנאָר(ע) אײַן, ~ געשנאָר(ע)ט. אַרײַנקריגן שנאָר(ע)נדיק. אַרומגיין און א, נדבֿות פֿאַר דער 'מירער, ישיבֿה. ־עניש.

-

אײַנשנוסן — טרוו. שנוף אײַן, ~געשנופֿט.

פֿפֿ: ~שנויפֿן. אַרײַנאָטעמען דורך דער נאָז מיט אַ געהילך. א, די לופֿט. א, ווי אַ יעגערהונט.

אײַנשנור (עווע)ן — טרוו. שנור(עווע) אײַן, ~געשנור(עווע)ט. 1. אײַנבֿינדן מיט אַ שנור. א, דעם פּאַק. „שווער גייט מיטן אַרויפֿטאָן די שיך... אָט האָבֿן זיך אים די פֿאַרשטאַרטע פֿינגער פֿאַרעקשנט בײַם א'עווען,,, יסוֹ אַל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. 2. אײַנציִען, צונויפֿציִען. א, דעם בויך. א, די שיך, דעם קאָרסעט. *א, דעם פּאַסיק, דעם מאָגן = לעבֿן אין דחקות, ניט האָבֿן גענוג אויף אויסקומעניש. 3. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי אַ שנור. א, די ליפּלעך. 4. (מוליערײַ) צובֿינדן אַ שנור מיט אַ געוויכט און זען צי די אַרבעט איז

אַרויסגעקומען גלײַך, גראָד. א, די וואַנט.
5. אײַנדריקן, אײַנקוועטשן ווי מיט אַ שנור.
,,דאָס קליינע שטעטל... דאָס האַלבֿ־
אײַנגעפֿאַלענע הײַזל... דאָס אַלץ האָט שׂרהן אַזוי
אײַנגעשנורעוועט,,, אָפּאַ, 'אויף אַ פֿאַרס,.
6. (אונטערוועלט) אַרײַנצײַען אַ 'יאָלד, אין אַ
פֿאַסטקע. א, דעם טײַסטערניק.
מיט ז י ך — א, זיך אין קאָרסעט. ,,נאָך

אײַנשניגלען

מער שעדלעך איז דאָס א, זיך פֿאַר שוואַנגערע
פֿרויען'', דר, מ. גאָטליעב, פּאָפּולערע
אַלגעמיי[ע היגעניע, וואַרשע 1908.
איינשניגלען — טרוו ־גל אײַן, י.,געשניגלט.
—
(שנײַדערײַ. אויך: בײַ אַנדערע בעלי־מלאָכות)
אײַנפּוצן אויף אַן אומראַיעלן אופֿן, מע זאָל
ניט באַמערקן קיין חסרון בײַ דער אַרבעט. א,
אַן אַרבל וואָס איז ניט גוט צוגעשניטן. א אַלע
,
פֿיסלעך פֿון טיש ווײַל די גרעב איז ניט גלײַך.
אײַנשניט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אײַנשנײַדן. אַ מיטאַמאָליקער א'. ,,און קיין א, זאָלט

איר ניט מאַכן אין אײער פֿלייש פֿון וועגן אַ
טויטן״, חחת, ויקרא, יט, 28. 2. רעזולטאַט
פֿון אײַנשנײַדן. דאָס וואָס מע האָט אײַנגעשניטן.
אַן א, פֿאַר אַ סימן. אַן א, אין בוים. אַן א, אין
פֿעל. ״מיט די מעסערס געמאַכט טיפֿע א'ן אין
דער קאָרע״, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו
1928. ״דער ראַנד פֿון די שיך... האָט ניט
קיין א'ן אין די זוילן אָנצוטאָן גליטשערס,,,
חג, טמז, 19 5 ◻ 19 I.
3. סימן, סליאַד. א, פֿון רעדער אין פֿעלד.
,,די ערד — צעקאָפּעט, איבערגעדרייט מיטן
גראָז אַראָפּ, טיפֿע א'ן פֿון די האַרמאַטן־רעדער״,
ווײַס I ◻, 'זעלנער,. אויך פֿיג. ,,די לײַד־א'ן אַרום
זײַן מויל גרייבן די קינבאַקן״, א. שומיאַטשער,
לידער.
4. גראָבן, קאַנאַווע. גרוב. א'ן בײַ די זײַטן
וועג. 5. נאַטירלעכער שפּאַלט. ״מע זעט...
אין דעם ענגן א, פֿונעם פֿעלדזן דאָס קליינע
וואַסער אַרויסקוואַלן״, קמ, 1864, No 51.
6. קאָנטיקע השפּעה, טיפֿע ווירקונג. ,,איר
האָט דאָ בײַ אונדז געמאַכט אַן א,״. ,,מענדעלעס
קינסטלערישער א,,,, ב ריווקין, אונדזערע
פּראָזאַאיקער.
אײַנשנײַדן — טרוו. שנײַד אײַן, ~געשניטן.

- -

1. מיט אַ שער, מעסער אע מאַכן אַ שניט (אָבער ניט דורכשנײַדן בּיזן סוף). א, אַ לײַוונט, אַ שטיקל שטאָף אאַזוו. א, די מכּה אַרריסצולאָזן אייטער. א, אײַז. א, קריעה. „די וואָס פֿלעגן א, דעם קרבּן צווישן די הערנער“, זרעים, קג/ב.

2. מיט שנײַדן אַרײַנצייכענען, אַרײַנשרײַבּן. א, די נעמען אין קאָרע פֿון בּוים. א, די דאַטע פֿון אַ בּאַגעגעניש. א אַ מצבֿה. 3. מאַכן אַ

,

(קליינע) וואונד מיט אַ שאַרפֿן אינסטרומענט. א, די האַנט, אַ פֿינגער אע. „ווען מע שנײַדט אײַן איין פֿינגער, טוט וויי די גאַנצע האַנט“, שון. „האָרעוואַניע (פֿראַצע) שנײַדט אײַן די הענט (די פּלייצעס), זאָרג שנײַדט אײַן דאָס האַרץ (דעם מוח)“, שוו.

4. אײַנדריקן, אײַנקוועטשן און לאָזן אַ צײַטווײַליקן סימן. די משׂא שנײַדט אײַן די אַקסלען.

5. אָנשנײַדן. א, אויף חלקים. א, אַ בּרויט פֿאַר אַ גרופּע קינדער. “איבּר איין גיזאַלצן הערונג טאָר מן אַך [אום שבּת] קיין הייס וואַשׂר גיסן, אַך איבּר בּרויט ווען מן העט איין גישניטן אין איין זופּף“, לט1, עד.

6. מאַכן אַ קאָנטיקן סימן, איבּערלאָזן אַ

סל אַד. א, דעם וועג מיט דער שוועדער פֿור.
,
שלעפֿן אַ קלאָץ און א, דעם שניי.

1242

7. אײַנקריצן, מאַכן עס זאָל טיף אַרײַנדרינגען. א, אין זכּרון דעם זיידנס ווערטער. ,, דאגות שנײַדן אײַן וואַגעס“ [= ליט פֿאַרטיפֿונג
,
בײַם אַקערן], שוו. “ס'שנײַדט אײַן ביז וואָרצל פֿון די האָר דער פֿלוצעמדיקער געדאַנקענרויש“, בּ. לאַפּין, דער פֿולער קרוג.
8. (קאָרטנשפּיל) א) בײַם טאַשן, אַרײַנשטעקן אַ קאָרט (אָדער אַ צאָל קאָרטן) אין פּעשל אַרײַן. א, די טאַליע קאָרטן; בּ) אַרויסקו□ען מיט אַ גרויסן אָנבּאָט אין אַן אַזאַרט־שפּיל. א, די איבּעריקע שפּילערס; ג) אומגעריכט שלאָגן מיט אַ קליינער קאָרט (אַ טרומף) אַ כּלומרשט זיכערע העכערע קאָרט. א, דעם טויז מיט אַ צווייטל.
מיט ז י ך — 1. רעפֿל. ,,זיי האָבּן... זיך אײַנגעשניטן... מיט שווערדן און מיט שפּיזן, ביז בּלוט האָט זיך געגאָסן,,, תּי, מלכים א, יח,

28. „הייסט מײַן מאַן זיך א אַ פֿינגער, ווײַל

,

זײַן בלוט וועט מיך ראַטעווען — וועט ער דאָס טאָן?„, ג. ח. לעוונער, דיא פֿאַר מאַסקירטע כלה, ווילנע 1898. 2. אַרײַנרײַסן זיך. "די קאָזאַקן אויף די פֿערד האָבן זיך אײַנגעשניטן אין המון". 3. ווערן אַזוי ווי אַ שניט. „די שטריק האָט זיך מיר אײַנגעשניטן אין דעם לײַב„, ממוס, פֿישקע. דער קוימען שנײַדט זיך אײַן אין הימל. אַ בילד שנײַדט זיך אײַן אין האַרצן. „אויף זײַן שטערן שנײַדט זיך אײַן אַ טרויעריקער קנייטש", חג, צמח אַטלאַס I. „איר האָט זיך אײַנגעשניטן אין אונדזער זכּרון ווי אַן אָנגעגליטער מעסער אין אַ וואונד", הל, 'אַ יאָר סאַקאָ־וואַנזעטי'.

־ונג — "און אין זייער פֿלייש זאָלן זיי ניט אײַנשנײַדן קיין א'", חחת, ויקרא, כא, 5.

—עכץ. ־עניש.

אײַנשנײַצן — טרוו. שנײַץ אײַן, ~געשנײַצט.

אײַנבּרודיקן, אײַנחזירן מיט ראָץ, סמאָרקע. א, די אַרבּל, די קאַפּאָטע.

איינשניפּלען — טרוו ־פּל אײַן, ~געשניפּלט.

— .

פֿרגל: אײַנשנופֿן. (וועגן חיות) אַרײַנציִען לופֿט

מיט דער נאָז כּדי אויסצושמעקן. דערשפּירן
אַ סכּנה און א, די לופּט ־עניש.

.

איינשניצן — טרוו. שניץ אײַן, ~געשניצט.

־

1. אײַנשנײַדן מיט אַ שאַרפֿן מכשיר און
אָנהייבן אויסשניצן עפּעס. א, אַ שטיקל האָלץ צו
מאַכן אַ טײַטל. 2. מאַכן מיט אַ שפּיץ. א, די
בּלײַערס. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

אײַנשנירלען — טרוו. שנירל אײַן, ~
געשנירלט. 1. אײַנבּינדן מיט אַ שנירל. א, אַ
פּעקעלע. 2. מאַכן (ווי) אַ שנירל. „דאָס
ווײַבל האָט זיך צעפֿינטלט... און
אײַנשנירלענדיק נאָך שטײַפֿער איר שנעבעלע האָט זי
געזאָגט“, אָפּאַ, 'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ'. 3.
אָנטאָן (ווי) אויף אַ שנירל. „און עס טוט הנאָה
דעם פּאָעט צונויפֿצוקלײַבן אַזעלכע ווערטער
און אײַנצושנירלען זיי אין קלאַנגען“, בּ. ריווקין,
צוק, מאַרץ 1936.

איינשנירן — טרוו. שניר אײַן, ~געשנירט.

־

פּפֿ: ,שנירעווען. 1. דזוו אײַנשנורן. „
ביידע האָבן זיך געשמאָלצן..., מיט ;ן

געצויגן, אײַנגעשנירט די ליפֿעלעך", ממוס, ווינטשפּ. 2. (שטריקמאַכערײַ) מאַכן עס זאָל אַרויסקומען קירצער (ווען די פֿעדעם זײַנען ניט גלײַך). א, דעם לוף (= לענג פֿון שנור). געוויינלעך מיט ז י ך — ס'האָט זיך אײַנגעשנירט.

איינשנעלן — טרוו. שנעל אײַן, ~געשנעלט.

-

אַרײַנשנעלן. אַרײַנשיסן מיט די פֿינגער. א, קערעלעך אין נאָז, אין די אויגן.

אײַנשעווען — טרוו. ־ווע אײַן, ~געשעוועט.

לאָקל (וולאָצלאַוועק) <שבֿ, שבֿיה. דזוו אײַנשבֿיהן ←. א, אין חד־גדיא. א, אין די שערידחמים.

איינשעלטן — טרוו. שעלט אײַן, ~געשאָלטן.

--

פּפּ: ~שילטן. שעלטן מיט אַ סך קללות. א, אים און זײַן גאַנצע פּאַראַפּיע. ־ונג. ־עניש.

איינשעמען — טרוו. שעם אײַן, ~געשעמט.

מבזה זײַן, אָנטאָן אַ בזיון. פֿאַרשעמען. א,
עמעצן פֿאַר אַלעמען אין די אויגן. א, דעם
בחורעץ אי פֿאַר די עלטערן אי פֿאַרן רבין.
מיט ז י ך — זיך צוגעוואוינען צום שעמען
זיך.

אײַנשענקען — טרוו. שענק אײַן; י.,
געשאָנקען, ~געשענקט. 1. אײַנגיסן, אָנגיסן אין
אַ בעכער ווײַן, משקה. "דר נאָך טוא די כוסות
ווידר איין שענקין אונ, זאָג די הגדה גאָטש
נסים צו גדענקין,,, סtoה II, 1723. ,,בײַא איטלכן
כוס וואש דו טושט איין שענקן טוא זיא מיט
איין ברכה גידענקן,,, עיון, לג/ב. "נאָך דרײַ
טאָג ווערט דיך פֿרעה ווידער נעמען צו זיך
אום אײַנצושענקען אַזוי ווי פֿריִער,,, צור, וישבֿ.
,,דער כלה לעב־וועל אישס לטובֿ [לעטאָף] טין
געדענקע, ווײַל זי מיר האָט פֿיר מאָול טין
אײַנשענקע", על, בדחניש. ,,זי האָט זיך צוגערוקט
צום טיש און גענומען א, בוירבאָן", ח. אַיאַלטי,
איק, ר"ה תשכ"ו.

2. (אַרכ, מיִ, על) אײַנגיסן (וואָס דאָס זאָל
ניט זײַן). א, טיי, קאַווע, וואַסער. ,,אבער גלײַך

וואַל מושׂ זיא [אַפֿילו אַן אשה חשובֿה וואָס האָט דינסטן] דעם מאַן אײַן שענקין צו טרינקין און, זײַן בעט מושׂ זיא זעלבֿרט פֿר ריכטן, אודר זול דר בײַא שטין וועז מנשׂ בעט,,, בראַנט, פרק יח. ,,אַך טאָר זיא [אשה בנדתה] אים אײַן שענקן זײַן כלי וואו הרוישׂ ער טרינקט, אבר זי טאָר אימשׂ ניט אין זײַן האַנט געבן,,, לט1, קא/א. ,,ער וויל קאַלט וואַסער א',,, ר, אַבֿרהם עפשטיין, ברך אַבֿרהם, לאַשטשעוו 1817. ־ונג — ,,איין בעכר איז אין האנד גאָטשׂ... ער איז פֿול איין שענקונג און, עז רינט פֿון דיזם", [סידור] תּפֿלה למשה..., דעסוי 1696.

אײַנשענקער — דער, ־ס. אײַנגיכער, אָנגיסער. שענקער. "און די א, וואָס צו די פּרסיים אײַנגעשענקט, די זײַנען גרויסע עשירים געוואָרן,,, ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר"ג.

איינשעפּטשען — טרור ־טשע אײַן, ~ גע— שעפּטשעט. אײַנזאָגן אָן אַ קלאַנגען־טאָן, בלחש, על־פּי סוד. א, אַ סוד אויפֿן אויער.

אײַנשעפּן

,,די פֿרויען האָבן אַרײַנגענומען די שרײַענדיקע פֿרוי אין דער מיט און איר אײַנגעשעפּטשעט...,,,

א. פֿאַניטש, טמז, 1968 III י 2. ־ונג. ־עניש.

איינשעפּן — טרוו. שעפּ אײַן, ~געשעפּט.

1. אַרײַננעמען וואַסער (פֿליסיקייט בכלל) אין אַ כלי. א, מיט אַ קענדל וואַסער פֿון פֿאַס.
2. אײַנזאַמלען, אײַנהיטן. ,,וויל ער אײַן שלינגען און אײַן שעפּן אין זיך אילי סודות", שי, מא/א. ,,ער האָט אײַנגעשעפּט אין זיך דעם ניגון פֿון זייערע רייד", ש. ראָזענבערג, שלום אַש.... מיט ז י ך — א, זיך נחת. ־עניש.

איינשערן — טרוו. שער אײַן; ~געשאָרן,

~געשוירן (~געשערט). 1. אײַנשנײַדן מיט אַ שער. א, די סחורה אויפֿן סימן. 2. שערן אַ ביסל, אָבער ניט אָפּשערן אינגאַנצן. א אַ

,

פֿאַס האַר (ב אַרעסטאַנטן, געסאַנגענע).

ׂ -

-

איינשפּאַכטלען — טרוו ־טל אײַן, ־י,,
גע—
.
שפּאַכטלט. אײַנשמירן, אײַנקלעפּן וואַפּנע מיט אַ שפּאַכטל. א, די שפּאַלטן. אויך: א, קיט אין די לעכער (א, די לעכער מיט קיט) וואו עס זײַנען געווען סוקעס אין ברעט. —ונג.

אײַנשפּאַלטן — טרוו. שפּאַלט אײַן, ־,
געשפּאָלטן. מאַכן אַ שפּאַלט. אײַנהאַקן עס זאָל ווערן אַ שפּאַלט. א, אַ שײַט האָלץ. אויך: א, אַ פּאַראיין. מיט ז י ך ־ונג.

—
.

איינשפּאַן — דער, ־ען. איינציק פּערד צוזאַמען מיטן געשפּאַן פּערד־און־וואָגן מיט איין
—
.
פּערד ־יק — אַדי. ,,האָבן זיך געשלעפּט א'ע
.
שליטנס,,, ש. אַש.

אײַנשפּאַן — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פּון אײַנשפּאַנען (זיך). אַ גרינגער א'. ,,ס'איז געווען זײַן ערשטער א, אין דינסט פּון חלוצישן גאַנג", י. ליבמאַן, וואָכנבלאַט, נ,,י, 2 .23 X 1953. (ווענבערײַ. געשטעל, ראַם מיט) געשפּאַנטע (אָנגעצויגענע) האָריזאָנטאַלע פּעדעם

וואָס פֿורעמען די לענג פֿונעם געוועב. „דער א,
פֿון צווירן און דער דורכוואָרף פֿון וואָל„,,

ר, יצחק האַמבורגער איבז, יח יצחק, לעמבערג
1876. 3. געשפּאַן. ־ונג.

אײַנשפּאַנען — טרוו. שפּאַן אײַן, ~געשפּאַנט.

1. אָנטאָן אויף אַ פֿערד (מוילפֿערד, אייזל,
אָקס) אַ געשפּאַן און צובינדן צו האָלאָבליעס
פֿון אַ פֿאָר־מיטל (וואָגן, בריטשקע, שליטן אע).
א, דאָס פֿערד אין וואָגן. א, פֿערד־און־וואָגן.
א, דעם שימל, דעם קאַשטאַן אע. א, אַ
בריטשקע. „אַז דער טאַטע איז אָ פֿורמאַן פֿאַרשטייט

,

דער זון אײַנצושפּאַנען,,; „אַז מע האָט דעם
אָגער אײַנגעשפּאַנט, קען מען אים שוין
קערעווען,,; „אַן אָקס מיט אַ פֿערד שפּאַנט מען נישט
אײַן אין איין וואָגן“, שוו [אויפֿן סמך פֿון
כּלאים: ניט צונויפֿפֿאָרן אַזוינס וואָס פּאָרט זיך
ניט]. „דא זאָגט דער קונוג... שפּאַן אײַן
דײַני הער וואַגן אונ, גיא אויש איבר זיא צו
שטרײַטן,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661, מה. „שפּאַן
דײַני רינדער אײַן און אַקער דאָס פֿעלד דײַן„,

יענטע בת יצחק, ערת הדברות ביכל, אָנהייב
19. י,,ה. „שפּאַנטס מיר אײַן די פֿערדעלעך,
שמירטס מיר אָן די רעדעלעך און פֿירטס מיך

אַרויס אויפֿן גרויסן הויף,, פֿל. ,,די זשאַרגאָנע
-
,

1243

גראַמען־קלייַבער... האָבן תּיכף אײַנגעשפּאַנט
אַ פּאָר ציגן אין אַ שליטן,, ‏רוג II.
,
2. דז, צובינדן צו אַ ראָד אויף צו דרייען.
א, דעם אָקס צום דרעשן. א, אין ראָד פֿון מיל.
,,מע זאָל דיך א, אין דער ראָד און
אונטערשמײַסן... דו זאָלסט דיך דרייען אָן שום
טאָלק,,, שע, מע‏יות פֿאַר איד, קינדער I.
3. ניצן ווי אַ טרייַבקראַפֿט. מאַכן פֿון דעם
אַ קוואַל פֿון ענערגיע. א, וואָסער, אַ וואַסערפֿאַל
צו קריגן ענערגיע. א, עלעקטרע בײַם
עלעקטריפֿיצירן די אינדוסטריע. ,,זיי [נאַטור־כּוחות]
א, אין אירע מאַשינעס, צו שלעפֿן, צ‏ דרייען
רעדער, אונטערשמײַסנדיק זיי מחילה מיט
עלעקטרישע בליצן,,, ממוס, קליאַטשע. ,,דער
מענטש האָט אײַנגעשפּאַנט דעם טײַך, ער זאָל
פֿאַר אים אַרבעטן ווי אַן עבֿד כּנעני'', חי''ה
זעלדעס, ווינטער אַבענדען, וואַרשע תּרנ''ח.

4. אויפֿצווינגען צו אַרבעטן. א, עמעצן אין
י אָ ך (פֿון דער אַרבעט). „ער האָט איצונדר
נוך פֿיל מין בישוועדט זײַן יוך איבר אונז
אונ, ער האָט אײַן גישפֿאַנט אונז צו זײַנר
ערבייט“, יוסיפֿון, אַמשט 1661, רז/ב. “ער וועט
דיך... א, און דו וועסט אים דינען ווי אַ כשרע
בהמה“, ממוס, אין אַ שטורס־צײַט. „ער האָט
באַשלאָסן זײַן ווײַב צו דער אַרבעט
אײַנצושפּאַנען“, מ. מ אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער

I,

דראָהאָביטש 1898.

5. אַרײַננעמען אין אַ לעבן־סיסטעם מיט
אַרויפֿגעצוואונגענע נאָרמעס. א, אין ע ו ל (פֿון
מצוות). א, אין עול פֿון ייִדישקייט. א, אין
תּרי„ג מצוות. א, אין שטרענגער געזעצלעכקייט.
“ער האָט זיך טאַקע גלײַך גענומען צו דער
אַרבעט... א, זי אין ייִדישקייט„, ייִז, יאָשע
קאַלב.

6. אויסניצן עפּעס. א, די וויסנשאַפֿט פֿאַר
אַ בעסער לעבן. „זייער א אַלץ, אַפֿילו די
רע,
ליגיע... אין דעם וואָגן פֿון זייערע ביזנעס„,
שנ, שלום אַש. „טביה... מיט זײַנע תּורות
און זײַן א, די פּסוקים אין זײַן לעבנסוואָגן„,

א. גאָלאָמבּ, גש III, מעקסיקע 1946. „פֿאַרוואָס נישט א, מײַן קרעפֿטיקן צאָנווייטיק אין דעם פּרנסה־ראָד?„, נאַד.

7. מאָבּיליזירן. א, אַלע יונגע מענטשן צו פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

8. אָנשטרענגען. א אַלע כּ וֹ ח ו ת. א, די

,

גאַנצע ענערגיע. א, דעם קאָפּ בּײַם (צום) לערנען פֿאַראַן צײַטן ווען מע דאַרף דעם ווילן א'„.

.

9. אָנציִען, אַרויפֿציִען. אײַנשטעלן עס זאָל זײַן שטײַף. א, דעם זעגל. א, לײַוונט אין (אויף) אַ ראַם. א, די פֿ ע ל — (פּאַרמעט־מאַכערײַ) אַרײַנשטעלן אין אַ ראַם.

מיט ז י ך — א, זיך אין יאָך פֿון פּרנסה. א, זיך אין אַן אַרבּעט פֿפֿ: א, זיך ווי אַן אייזל,

.

וו אַ פֿערד (אין וואָגן); א, זיך ווי אַ ייִד אין

י

עול פֿון מצוות. „בּײַם אַראָפּגיין לסוף פֿון קעסט פֿלעגן די ווײַבער זייערע זיך א, אין יאָך„, ממוס, שלמה.

־עכץ. ־עניש. ־ער — געהילף פֿון בּעל־עגלה, שמײַסער. ־ערײַ.

אײַנשפּאַרן

איינשפּאַנער — דער, (־ס). דזוו איינשפּאַן.
אויך: דזוו אײַנשפּאַן. „אַ ייִד אַ פּראָסטאַק, איז
ער אַרומגעפּאָרן אויף יאַרידים מיט אַן
אייגענעם א, און אונטערוועגס געהאַקט קאַפּיטלעך
תּהילים“, יוסף אָקרוטני, באַלוטער וועבערס,
בּ„א תּשי„ג.
אײַנשפּאַקליעווען — דזוו אײַנשפּאַכטלען.
ספּעצ אַרײַנרוקן שפּאַקליעס (פּאַקלעס) צווישן
קלעצער פּון הילצערנע ווענט.
אײַנשפּאַר — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פּון אײַנשפּאַרן (זיך). אַן עקשנותדיקער
א'. ־ונג.
אײַנשפּאָר — דער, ־ן. אַקט פּון אײַנשפּאָרן.
דאָס וואָס מע שפּאָרט אײַן. אַ קאָנטיקער א'.
א, אין אַרבעט. ־ונג.
איינשפּאַרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
-
רעזולטאַט פּון אײַנשפּאַרן (זיך). „דער מענטש
זעלבסט וואָס איז געקומען באַפרײַען מיך פּון
מײַן א, האָט גאָר מײַן אָנבליק“, בּ. א.
זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט II, וואַרשע 1887.

אײַנשסאָרונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנשפּאָרן (זיך). א, פֿון ענערגיע.
אײַנשפּאַרן — טרוו. שפּאַר אײַן, ~געשפּאַרט.
-
1 פֿאַרמאַכן אונטער (הינטער) אַ שלאָס, ריגל.
.
פֿאַרצוימען און ניט אָרויסלאָזן. ,,אָן אומגעזעענע האַנט האָט צוגעמאַכט אַ טיר און אײַנגעשפּאַרט אַ הורבּע מענטשן,,, יהואָש, ,סאָבּוויי'. ,,און, זי נאמין צווייא קיא יונגי... און, איר יונגין האבּן זי דער היים אײַן ג שפּערט‘‘, סהמ, שמואל א, ו, 7. ‘‘וועז מען אַזעלכע הינער האָט און וויל זיי אום יום־טובֿ שעכטן, זאָל מען זיי ערבֿ יום־טובֿ א',,, שלחן ערוך, אורח חיים, ווילנע תּקע,,א. פֿיג. ,,מיט אַ כּישוף... האָט ער אײַנגעשפּאַרט בײַ זיך אין פֿידל איר נשמה,,, יהואָש, 'פּאַגאַניני'. 2. אונטערשפֿאַרן פֿון אַלע זײַטן. א אַ פֿאַרקאַן, אָ וואַנט אע.
,
3. אײַנזעצן. אָרעסטירן. א, הינטער גראַטעס. ,,א, גאָר ועט זי מיך?,,, ווײַס, אַ שלעכטע פֿרוי. ,,איז ער אָבּער אַן אײַנגעשפּאַרטער. און אַז איך וועל אים איבּערשפּאַרן, שפּאַרט ער מיך

אײַן אין אָרעסט פֿאַרשפּאָר איך זיך שוין

.

שפּאַרן,,, לאַט, די קינד.

4. אײַנהאַלטן. אײַנצוימען. א, אַ וואַסער. א, די געפֿילן. *א, מיט אַ שפּענדל דעם שטראָם = וועלן פֿאַרהאַלטן, אָפּשטעלן אַזוינס וואָס מע קען ניט פֿאַרהאַלטן.

5. אַרײַנשפּאַרן, אָרײַנשטופּן, אַרײַנשטויסן. א, אַ שטויס פּאַפּירן אין דער טעקע, אַז מע זאָל ניט קענען צוקלאַפּן דעם שלאָס.

מיט ז י ך — א, זיך אין צימער. מיט ספּעצ בבֿ: 1. אײַנעקשנען זיך. באַשטיין אויף עפּעס וואָס אַנדערע ווילן ניט אָדער די אומשטאַנדן דערלאָזן ניט. א, זיך מיט הענט און (מיט) פֿיס. א, זיך ווי אַ באָק, ווי אַן אייזל, ווי אַ גוי (צום פּגרן). "עס איז מיר נאָך דראָן געלעגן וואָס דער טאַטע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט אַז איך זאָל דווקא נאָר דיך נעמען", עט, סערקעלע. ,,אַ מיידל טאָר זיך צו פֿיל ניט א'", ממוס,

אײַנשפּאָרן

פּריזיוו. ,,ווען ער איז אַ ביסל אײַנגעשפּאַרט, דאַרפֿן מיר ייִדן זיך אויך א'", ספּ ייִדישער

קאָלאָניסט. 2. אַרויסווײַזן אַ שטאַרקן ווילן (און דערגרייכן, דורכזעצן). „אַז מע שפּאַרט זיך אײַן פּירט מען אויס“, שוו. "אויכ ער האָט

,

זיך אײַנגעשפּאַרט און האָט זיך געשטאַרקט און האָט גובֿר געווען זײַן יצר און האָט תּשובֿה געטאָן — נעמט מען אָן זײַן תּשובֿה“, תּניא, רו. „נאָך דער מלחמה פֿון גוג ומגוג האָט ער אַ בונד געמאַכט מיט דעם רבין פֿון לובלין, מיט דעם מגיד פֿון קאָזשעניץ, אַז זיי דרײַ זאָלן זיך א'. נישט אַנדערש נאָר משיחן... אַראָפּצוברענגען“, אַש, תּהילים־ייִד.

3. אײַנפּעסטיקן זיך וואו מע שטייט. א, זיך מיט הענט און (מיט) פּיס [אויך ב1]. "שפּאַרט זיך אײַן, שטעלט זיך דיבאָם און וויל זיך ניט רירן פֿון אָרט„, ממוס, מסעות. „אײַנגעשפּאַרט זיך ווי אַ בוים אַן אַלטער... — אַלטער טרויער„... ווילסט פֿונדאַנען ניט אַרויס“, םעג, פּאָעמען. „האָבן זיי [די בהמות] אָנגעשטעלט צעפּודזיעטע אויערן און א'דיק זיך מיט די פֿיס האָבן זיי ניט געוואָלט רירן זיך פֿון אָרט“, לייזער קאַצאָוויטש, הומאָרעסקעט מינסק 1933. „... די פֿיס האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט אין דעם בעטוועטל„, רחל קאָרן, ערד. ־עכ󠀠ן.

־עניש
אײַנשפּאָרן — טרוו. שפּאָר אײַן, ~געשפּאָרט.
1. מאַכן װײניקער הוצאָות װיפֿל מע האָט אויף דורכצולעבן. א, אַ הונדערטער יעדן חודש. „א, פֿון (אויף) הוצאָות און לייגן אויפֿן באַנקביכל„. „א, אין די יונגע יאָרן; אויף דער עלטער — ניט דאַרפֿן שפּאָרן“, שוו. „װײַל אונדזערע מחיות זײַנען שטענדיק באַגרענעצט, האָבן מיר זיך מיט דער צײַט צוגעוואוינט צום זאָרגן, צום דענקען, צום א'“, פּרץ, געדאַנקען און אידויען.
2. דז, נאָר מחמת גרויס קאַרגשאַפֿט, קמצנות. א, פֿון דער קישקע, עסן פֿון זיך די הויט. „א, אויפֿן עסן און אויסגעבן אויפֿן דאָקטער“; „א, אין קלייט און אויסגעבן אין אַפּטייק“, פֿוול. „איינער וואָס שפּאָרט אײַן איבערן יושר ברענגט ער זיך נאָך אויס„, מס, משלי תקע"ד, יא, 24.
3. אויסגעבן װײניקער. באַצאָלן אַ קלענערן פּרײַז. קויפֿן אַלט מעבל און א'. זוכן מציאות אײַנצושפּאָרן אַ פּאָר גראָשן.
4. אויסמײַדן אויסצוגעבן אויף עמעס. גיין צו פֿוס און א, פֿורגעלט. „זאָל ער ניט לערנען, זאָל ער בעסער אין קלייט זײַן! וועט מען א, אַ משרת„, אַלטער נערינסקי, אַ חתן אויף אויסצאהלין I, קעשענעוו 1886. „אײַנצושפּאָרן

חלות אויף זעקס־זיבּן וואָכן. מצה איז דאָך חלה...‟, אַר, 'אַ נאָך־פּסח־מאָטיוו'.

5. פּאַרניצן ווייניקער. א, צוקער. א, קרעפּלפּלייש. ליגן אין בעט, א, פּעט. א, וואַסער בּיַי אַ ריכטיקער בּאַוואַסערונג־סיסטעם. „א, קנאָבּל און זאַלץ און אַרויסוואַרפֿן אַלץ‟, פּוול. א, צ יַ ט. ניט האָרעווען איבּער די כּוחות און א, ס'געזונט.

6. (העלפֿן) אויסמיַידן אומניצלעכס, אומבּאַקוועמס. א, די טרחא. א, האַרצווייטיק,

גרי1244

זאָטע, זאָרגענישן אע. ‟קראַנק איז ער געווען אונדז א, דאָס זוכעניש?„, לאַט, די קינד.

מיט ז י ך — א, זיך די טרחא, אַ גאַנג אאַזוו. זיך א, איבּעריקע רייד. א, זיך (אין) בּלוט און טרערן. „אַז מע פּאַסט און מע גיט צדקה, נעמט מען שׂכר פֿאַר דעם פּאַסטן בּאַזונדער און פֿאַר די צדקה בּאַזונדער. איך וואָלט וועלן מיינען אַז אדיף די צדקה קדמט אים ניט קיין שׂכר, וויַיל דאָס געלט האָט ער דאָך איַינגעשפּאָרט וואָס ער האָט ניט געגעסן‟, יעבץ איבּז, עין יעק, בּרכות, טז/א.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —.
„אַן אײַנשפּאָרער איז בעסער ווי אַ פּאַרדינער“,
שוו. ־ערײַ.

אײַנשפּאָרעוודיק — אַדי. 1. וואָס ירט
זיך אויף אַן אופֿן וואָס העלפֿט אײַנשפּאָרן. אַן
א'ע בעל־הביתטע. 2. וואָס מע קען פֿאַרניצן
ווייניקער, אײַנשפּאָרן. אַלט־געבאַקן ברויט איז
א'. ־יקייט.

אײַנשפּאָריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע
אײַנצושפּאָרן. ווי א, מע זאָל ניט ווערן זײַן.
־קייט.

איינשפּולעווען — טרוו. ־לעווע אײַן, י.,,

געשפּולעוועט. פּפֿ: ~שפּוליען. אַרײַנשטעלן
אַ שפּולקע (פֿאָדעם) אין אַ (ניי)מאַשין. א, די
מאַשין. א, פֿאָדעם.

אײַנשפּיגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אײַן, זיך
, געשפּיגלט. 1. אַרײַנקוקן, באַטראַכטן זיך
אין אַ שפּיגל. „דאָס פּנים האָט בײַ אים
געפֿלאַמט, ווי געטאָן... ער האָט זיך
אײַנגעשפּיגלט“, אָפּאַ, 'אַ צופֿאַל'. „האָט פֿון שכן אַ
שפּיגעלע געבראַכט... האָט ער זיך
אײַנגעשפּיגלט און קורץ אָפּגעהאַקט גערעדט,,, יחיאל

לערער, מײַן היים. 2. אײַנקוקן זיך מיט
ליבשאַפֿט, צופֿרידנקייט, אינטערעס. „אוי
פֿיי,
געלע, דו ביסט דאָך אַ שיין מיידל, שפּיגל דיך
אײַן אין מיר“ פֿל.

,
אײַנשפּיזלען — טרוו. ־זל אײַן, ~געשפּיזלט.
אָנהייבן עפּעס אויסשטריקן מיט שפּיזלען. א,
אַ קנויל וואָל אויסצושטריקן הענטשקעלעך.
אײַנשפּיזן — שפּיז אײַן, ~געשפּיזט. אַקוזוו
— אײַנשטעכן (געווײַנטלעך וועגן שאַרף קוקן).
א, אויף עמעצן די אויגן. א, אין עמעצן דעם
בליק. טרוו — א, דעם בול.
איינשפּייזן — טרוו. שפּײַז אײַן, ,י.,געשפּײַזט.
-- ▯ -
1. באַזאָרגן מיט שפּײַז. א אַ באַלאַגערטע

,
שטאָט. 2. אײַנהאָדעווען, אײַנקאָרמען; געבן
עסן. א, די אויסגעהונגערטע. מיט ז י ך —
„און, קינדר ישׂראל זײַן וואָרדן גיצילט און,
זיא האבן זיך אײַן גישפּײַזט ['וכלכלו,]“, סהמ,
מלכים א, כ, 27. „אַך האבן זיא זיך אין
גשפּײַזט, אום איין בלעגרונג צו קענן אויש
שטין“, שאַר, קכט/ב. „זיי חאבן זיך אין

גישפּײַזט און, פֿאַר זאָרגט מיט פֿאָרכט", חה,
אַמשט 1716, קנב/ב. „דיא נשמה האָט ליבֿ
אירן גאָט בֿ„ה... און, דשׂ זיא זיך וויל אײַן
שפּײַזן אויף דען איבֿיגן וועג", בֿע, ט/ב.
־דנ .

אײַנשפּינען

אײַנשפּײַכלערן — טרוו. ־ער אײַן, ~
געשפּײַכלערט. 1. אַרײַנפֿירן, אַרײַנבֿרענגען,
אַרײַננעמען אין שפּײַכלער. א, די תּבֿואה.
2. אײַנזאַמלען אין אַ זיכער אָרט. א, דעם
ווערטער־אוצר פֿון ייִדיש אין אונדזער ווב.
מיט ז י ך — "די אומאויסגעשעפּטע
ענערגיע וואָס האָט זיך געהאַט אײַנגעשפּײַכלערט
אין איר, אַ ירושה פֿון עלטערן", שנ,
דערציילערס און ראָמאַניסטן II. ־ונג.
אײַנשסײַען — טרוו. שפּײַ אײַן; ~געשפּיגן
(אויך: „געשפּיִען, לר), ~געשפּײַט. 1.
אַרײַנשפּײַען. א, אין שפּײַקעסטל. א, די הענט און
זיך נעמען צו דער אַרבֿעט. א, אויף מזל.
2. נאַס מאַכן מיט שפּײַעכץ. „כאָטש שפּײַ זיי
[די פּאהקעלעך] אײַן, דריי, פֿלעכט — האַלטן
זיי אין איין שטרײַקן", ז. מוירער, זײַ נישט
קיין ווילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. מיט

ז י ך — „דער האָלצהעקער פֿלעגט א, זיך אין די הענט, איידער ער האָט אויפֿגעהויבן די האַק צו צעשפּאַלטן אַ ליפּע האָלץ“. ־עניש.

אײַנשפּיל — דער, ־ן. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אײַנשפּילן (זיך). דער א, פֿאַרן אמתן ספּאָרט־פֿאַרמעסט. אַ קלעזמערישער א'.

איינשפּיל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אײַן, ~ גע־ שפּיל(י)עט. פֿאַרשפּיליען, אַרויפֿטאָן אויף קנעפּ, העקלעך אע. א, דעם מאַנטל. א, די פֿאַלדן פֿון קלייד מיט שפּילקעס. מיט ז י ך — „אַז מע שפּיליעט זיך אײַן, קאָן מען דעם אָטעם ניט כאַפּן“, יעקב סאָטמאַן, ער רי אָנכי, באַרדיטשעוו 1901. ־עניש.

אײַנשפּילן — טרוו. שפּיל אײַן, ~געשפּילט. אײַנלערנען צום שפּילן. אײַנגעוואוינען צום שפּילן. א, אַ מעלאָדיע, אַ גאַנצן קאָנצערט. „אָנפֿאַנג פֿלעגט ער מיטנעמען די פֿידל... איך דאַרף א אַ שטיק מיט דער חבֿרה,„ ווײַס I, חנהלע.. „איינמאָל בײַם א, אַ נײַעם דאָבראַניטש איז בײַ לייבלען די טרובע פֿון האַנט אַרויסגעפֿאַלן“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

מיט ז י ך — א, זיך אין אַ ראָלע. „אונדזער פֿוטבאָל־מאַנשאַפֿט האָט זיך אײַנגעשפּילט“. „האָבן זיך די אַקטיאָרן אײַנגעשפּילט אין גאָלדפֿאַדענס טעקסט“, ז. זילבערצווײַג, טמז, 1968 5 ◻ II. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אײַנשסילקעווען — טרוו. ־קעווע אײַן, ~ געשפּילקעוועט. אײַנשטעכן מיט שפּילקעס. אײַנפֿעסטיקן מיט שפּילקעס. א, דעם זוים פֿון קלייד.

איינשפּינען — טרוו. שפּין אײַן, ~געשפּונען --

(אויך: ~געשפּינט). 1. אויסניצן דעם מאַטעריאַל בײַם שפּינען. א, דעם גאַנצן פֿלאַקס. 2. קאַליע מאַכן בײַם שפּינען. א, ניט קיין גוט צעבאַרשטן פֿלאַקס. 3. פֿיג. אַרײַנשפּינען. אַזוי וו אַרײַננעמען אין דעם וואָס ווערט אויסי געשפּונען. „דעם שפּינערס ראָד דערציילט אַ סוד און שפּינט אים אײַן אין דרימל„, הר, אין שאָטן פֿון בוים. „דאָס געשטאַלט נישט געזען, נאָר אין זיך זײַן ליכט אײַנגעשפּונען„, אפֿא, לויטער... קוואַל. מיט ז י ך — די פֿעדעם וועלן זיך א, — אויך: זיך אײַנציִען בײַם שפּינען.

אײַנשפּיצן

איינשפּיצן — טרוו. שפּיץ אײַן, ~געשפּיצט.
-
1. אַרײַנשטעכן אַ שפּיציקע זאַך אין עפּעס. א, די ווילע אין בינטל היי. 2. מאָכן שאַרפֿער אַ שפּיץ, מאַכן שפּיציק. א אַ בלײַער. 3.
צו,
שפּיצן. מאַכן שטעכיקער, בולטער. א, אָ פֿראַגע.
4. (שטריקמאַכערײַ) אַרײַנפֿלעכטן די בּרעגן פֿון איין שטריק אין 'האַרץ, פֿון אָ צווייטן. „בײַם א, ווערט דער בּרעג אויפֿגעפֿלאָכטן, צעדריבּלט, איידער מע שפּיצט אַרײַן„, י. גאָלדשטיין. מיט ז י ך. ־עניש.
אײַנשפּיקעווען — ־קעווע אײַן, ~
געשפּיקעוועט. טרוו — אײַנשטאָפּן. אָנשטאָפּן. א, אַ גאַנדז (אינדיק) מיט פּילעכץ פֿאַרן אָפּבּראָטן.
אוטוו — אַרײַנקוקן בּגניבֿה (אויסצושפּירן, צו שפּיאָנירן). א, דורך אַ שפּאַלט אין לאָדן.
איינשפּירן — טרוו. שפּיר אײַן, ~י„געשפּירט.
-
1. שאַרף (אָפּן אָדער בּשתיקה) נאָכקוקן עמעצן, בּאַמיִען זיך דערוויסן אַ סוד. א, עמעצן וואָס איז אונטער חשד. 2. א~סשפּירן כּדי צו באַפּן. „מע טאָר ניט אום שבּת פֿאַנגען אָדער

א אַלץ וואָס לעבט,,, שלחן ערוך, אָרט? יאָר?
,
3. אײַנפֿילן, דערפֿילן. א, אַ ריח פֿון אַ גוטן מאכל. —ונג.

אײַנשפּליטערן — טרוו. ־ער אײַן, , געשפּליטערט. 1. אײַנהאַקן, מאַכן עס זאָל ווערן אַ קליינער שפּליטער. א אַ ליימענע כלי.
,
2. צעהאַקן אויף שפּליטערס. א, אָ שײַטל האָלץ.
3. אײַנשפּאַלטן, צעשפּאַלטן. א, דעם אָטאָם. מיט ז י ך. ־ונג.

אײַנשפּעגעלירן
— טמ. דזוו אײַנספּעקולירן. ־ונג.

איינשפּענדלען — טרוו. ־דל אײַן, י., געִ. שפּענדלט. אײַנהאַקן אין שפּענדלעך. א, אָ לײַסט.

איינשפּענטען — טרוו. ־טע אײַן, ~ גע־ שפּענטעט. אַרײַנקלאָפּן אַ שפּונט, אָ שפּענטע, אין אַ פֿאַס (ביר, מעד). פֿרגל אויסשפּונטעווען, .382

איינשפּענער — דער, ־ס. דזוו איינשפּאָן.
פֿאָרן מיט אָן א, אָדער צווייישפּענער. אַ פֿיאַקער
אַן א'.
איינשפּעקולירן — ← אײַנספּעקולירן.
-
איינשפּערן — טרוו. שפּער אײַן, ~געשפּערט.
-
דטשמ. נר. 1 פֿאַרשפּאַרן, אײַנשפּאַרן. „מע
.
זאָל אים די קליידער פֿון לײַבֿ רײַסן אונד
א, אין איין לאָך„, איין שייני היסטאָריע פֿון
איינס מעכטיגן ר ס טאָכטער..., סוף 18.
אָדער אָנהייבֿ 19. י„ה. 2. לאָקל (
טשערנאָוויץ). באַשטראָפֿן אָ תּלמיד מיטן איבערלאָזן
אים אין שול נאָכן לערנען. א, אויף צוויי
שטונדן.
איינשפּראָך — דער, ־ן. דאָס וואָס מע רעדט
-
אַרײַן אין אַ טיכל (אַן אַנדער זאַך) בײַם
אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע (רויז). ← אײַנשפּרעכן.
איינשפּראַכיק — אַדי. וואָס האָט (
פֿאַרשטייט, קען) נאָר איין שפּראַך. אַן א'ע
פֿאַרטײַטשונג. אינטעליגענטע, אָבער א'ע סטודענטן.
„אַמעריקאַנער מענטשן, ייִדן בתוכם, זײַנען אין

זייער רובֿ מנין איינאַרטיק, איינטאָניק, א',,,
בֿ. רודמאַן, איק, ר,,ה תּשכ,,ו. ־יקייט —
,,... אַריבֿערצוגיין צו... א, אין דער
אייגענער... היים,,, ימ, חודש־זש, אונזער שול, נ,,י
.193

אײַנשפּרייטן — טרוו. שפּרייט אײַן, ~
געשפּרייט. אויסשפּרייטן, צעשפּרייטן
אינעווייניק, אין עפּעס. א, אַ לײַלעך אין קאַסטן, אין
קאָרבֿ.

אײַנשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אײַן, בֿ י ן
& ה אָ בֿ ~געשפּרונגען. 1. אַרײַנשפּרינגען.
א, פֿון שיפֿל אין טײַך. 2. אײַנשרומפּן. נאָכן
וואַשן איז די סחורה אײַנגעשפּרונגען. 3. לאָקל,
טשערנאָוויץ. אַרײַנטרעטן ווי אַ מיטגליד אין
אַ סטודענטן־פֿאַראיין. א, אין פֿאַראיין.

4. (אַקטיאָריש) מיט ווייניק צוגרייטונג
איבֿערנעמען אַ צווייטנס ראָלע. א, אין שימעלע
סאָראָקער.

אײַנשפּריץ — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנשפּריצן. וויטאַמינען־א, ־ונג —

▯

היילנדיקע א'. „מײַדן אויס די באַפּרוכטונג דורך א'ען און איבערשװענקען„, א. ז. , אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, װאַרשע 1909. „אַן א, פֿון חסידישער װאַרעמקייט„, הרבֿ י. י. זיכערמאַן,

נחלת יעק▯, נ„י תשכ„ו.

אײַנשפּריצן — טרוו. שפּריץ אײַן, ~ געשפּריצט. 1. אָרײַנשפּריצן. א, טראָפּנס אין די אויגן. „דאָס א, יאָד אין הייבמוטער אַלס מיטל צו פֿאַרהיטן [פֿון] שװאַנגערשאַפֿט„, פֿגעז, ווילנע 2 .23 1931, No. אײַנגעבן, אײַנטריפֿן. א, סם, גיפֿט. אויך פֿיג. א, טראָפּנס פֿון גיפֿטיקער שׂנאה. 3. באַשפּריצן. בראָדזשען אין װאַסער און א, די קליידער. א, די האָר מיט אָדעקאָלאָן.

4. איניעצירן. אַרײַנלאָזן אַ פֿליסיקייט אונטער דער הויט. א, די באַפֿעלקערונג קעגן אָ מגיפֿה, קעגן אַן איבערגאַנג. „דאָס טעגלעכע א, אינטראָװענעז...„, טאָז, שריפֿטן, װאַרשע 1929. 5. פֿיג. אָרײַנגעבן. א, לעבן אין דער באַװעגונג. א, מוט. „אײַנצושפּריצן אין זיי אַ ביסל שׂכל־הישר„, איק, 28 1962 XII. מיט ז י ך — א, זיך אינסולין. ־עכץ. ־עניש.

־עד (־ין, ־קע) — אויך מכשיר

אײַנצושפּריצן, צו מאַכן אַן איניעקציע. ־ערײַ.
אײַנשפּרעכן — טרוו. שפּרעך אײַן, ~

גע
-
-
שפּראָכן. אַרײַנרעדן די ווערטער פֿון
אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע (אַ רויז). א, אָ טיכל און
צולייגן דעם קינד צום שטערן. ־עניש.
אײַנשפּרענקלען — טרוו. ־קל אײַן, ׳י.,,
געשפּרענקלט. אײַנשפּריצן מיט טראָפּנדלעך.
א, האָר. א, די וואַנט. ,,די אונטערגייענדיקע
זון האָט מיט פּורפּור אײַנגעשפּרענקלט דעם
סקווער,,, עוזר וואַרשאַווסקי, כ׳ליאַסטרע, פּאַריז
1924. ־ונג.
אײַנשקאָנטירן — טרוו. ־טיר אײַן, ׳,(גע)־
שקאָנטירט פֿטמ. דיסקאָנטירן. אַרײַנקריגן
.
געלט פֿאַר אַ וועקסל פֿאַרן טערמין. א, אין
פֿאָלקסבאַנק עטלעכע וועקסלען.

אײַנשרומפּן

אײַנשקראָבען — ← אײַנסקראָבען.

אײַנשרויבּן — טרוו. שרויב אײַן, ~ געשרויבּט. לאָקל, זאַמעט, קורלאַנד. דזוו אײַנשרויפֿן.

אײַנשרויסן— טרוו. שרויף אײַן, י.,געשרויפֿט.
1. אַרײַנדרייען מיט אַ שרויף. א, איין סייל מאַשין אינעם אַנדערן. ,,נעמט, שרויפֿט מיר אײַן אין גאָרגל אַ לאַמטערן,,, פּמ, כאַליאַסטרע, פּאַריז 1924. 2 פֿאַרשרויפֿן, צושרויפֿן.

,,איין בּעכר דער דא גיגלידרט איז טאָר מן אם שבּת ניט אויף שרויבֿן און אַך ניט אײַן שרוין, דען עשׂ איז איין מלאָכה,,, לט1, עב/ב.
3. אײַנציִען, מאַכן ענגער. א, די הוצאָות. א, די פּראָדוקציע. מיט ז י ך — ,,מע קען יאָ אײַנשרויפֿן, זעסט — ס'האָט זיך אײַנגעשרויפֿט,,. עניש.

אײַנשרומפּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אײַנשרומפּן (זיך). א, פֿון דער צאָל אַרבּעטער. א, פֿון ענערגיע. ,,דער

קלענסטער שאָרך איז אָפּטמאָל געוווּנג צו בו.ענגען א,
[פֿון די הידרע],,, ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן,
נ,,י 1931.
אײַנשרומפּיקן — ← דוווו. ,,און מײַן
פֿרייד שרומפּיקט אײַן, אין אַ קראָם
אײַנגעקנוילט,,, ב. לאַפּין, דער פֿולער קרוג.
אײַנשרומפּן — שרומפּ אײַן; ~געשרומפּן,
~געשרומפּט. אוטוו — וו ע ר ן קלענער,
שמאָלער, דאָרער; פֿאַרנעמען ווייניקער שטח.
ווערן אײַנגעצויגן. די שטאָף שרומפּט אײַן נאָכן
וואַשן. די הויט שרומפּט אײַן. ,,גענומען אַזוי
ווי א'... קלענער ווערן,,, יהואָש 'ווי מע
קוקט'. ,,שרומפּט די מחנה אײַן, דאָך
פֿײַערדיקער נאָך קעמפּן דעמאָלט די פֿאָרבליבענע,,,
אַל, 'יהודה המכבי'. ,,זי האָט געפּילט ווי זי
שרומפּט אײַן פֿאַר ווייטיק,,, ב. דעמבלין, צוויי
און אַ דרימער.
טרוו — 1. מ אַ כ ן קלענער. אײַנציִען. א,
דעם אַפּעטיט און עסן ווייניקער. ,,די קראַנקייט
האָט אים אײַנגעשרומפּט אַזוי אַז עס איז
שווער אים צו דערקענען“. ,,(ואנכי) און, איך
בין גאָט, דײַן גאָט דער דא מאַכט אײַן שרומפּן
דאשׂ ים,,, סהמ, ישעיה, נא, 15. ,,מײַן טרעהרן
זאָלן מאָכן אײַן שרומפּן מײַן קין באַקן,,, קינות

לתּשעה בּא□ פֿיורדא 1767. „דער רעגן האָט

□

,

געליאַפּעט, האָט אים געגייט א, דעם שטאַרקן האַלדז“, אַלבּערטאָן, זבּ, 14 אָקטיאַבּערם, 1931.

2. מאַכן ענג(ער). אײַנדריקן פֿאַרקלענערן.

.

א, פֿרײַהייטן. א, עמעצנס דעה (מאַכט). „דער ליטווישער וועד שרומפּט אײַן זײַן טעטיקייט„,

ימ, שד II□. „מע האָט אים אײַנגעשרומפּט אין אַ כינעזיש שיכל„, מוק, טעאַטער און אידיש טעאַטער. “מע שרומפּט אײַן דעם קינדס נשמה

מיט אַזאַ [פּאַרטייאישע□] דערציאונ□', ימ,

איינהייטלעכע פֿאָל□קשול, 1922. „דער רעגן שרומפֿט זיי אײַן אין מויערן פֿון טרויער„, מאיר שטיקער, טמז, 28 1965 III.

3. אַרכ אײַנקנייטשן, צעקנייטשן. “עשׂ מאַכט אין שרומפּפֿן אונזר אַן גזיכט“, מחזור ר“ה ויו“כּ, הומבּורג 1721, קסא/א.

אײַנשרומפּעניש

מיט ז י ך — זיך א, אין אַ ווינקעלע. „האָסט אַליין, בּאַשעפֿער, זיך אַליין אײַנגעשרומפּן אין

אַ פֿינטל קליין“, הל, אין טרעבֿלינקע.... ￼אין
אים האָט זיך אײַנגעשרומפּן דאָס האַרץ“, ייִז,
בֿרידער אַשכּנזי. „אַן אייגענע עוולה שרומפּט
זיך אײַן און בֿאַהאַלט זיך, ווי אַ ווערעמל אין
אַ פֿעלדל פֿון דער נשמה„, ל. אָליצקי,
ישיבֿהלײַט, תּ“אָ 1968.
־עכץ.
אײַנשרומסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס
פֿון אײַנשרומפּן (זיך). „אַז עס קומט דער
ווינטער, קומען זאָל אויף אײַך אַן
אויסכאַפּעניש מיט אַן אײַנדאַרעניש, מיט אַן א,“, שע,
פֿונעם יאַריד II. „געוועז, דאַכט זיך, אַ גרויסע
שטאָט! און איצטער עפּעס אַן א'“, מ. אַלטמאַן,
אַלמאַנאַכ שטערן, קיִעוו 1 1937, No.

￼

אײַנשרומסונג — די, ־ען. →
אײַנשרומפּונג. „אין רענטגען־בֿילד... זעט מען די א,
פֿון די לונגען־שפּיצן“, ,טאָז, שריפֿטן, וואַרשע
1929. אויך בֿײַ יאַכ.
איינשריי — דער, ־ען. אָקט פֿון אײַנשרײַען.
- -
אַן א, אין דער נאַכט: ראַטעוועט!

איינשרייב — דער, ־ן. אַקט אָדער
רעזול־ ־.
טאַט פֿון אײַנשרײַבן. דאָס וואָס מע שרײַבט
אײַן. בײַ י. פּאַט, וועקער, 1956 II 15. א׳־
אָ פּ צ אָ ל — דאָס געלט וואָס מע צאָלט בײַם
אײַנשרײַבן (זיך) אין אַן אינסטיטוציע, חבֿרה
אע. ספּעצ אין אַן אַנשטאַלט פֿאַר הויכבילדונג.
א׳־ב ר י ו ו — רעגיסטרירטער פֿאַרזיכערטער
,
בריוו.
אײַנשרײַב־געלט — דאָס, ־ן, ־ער. 1. דזוו
אײַנפֿיר־געלט. אײַנטריט־געלט. "יעדער
חבֿרהמאַן בשעת ער טרעט אײַן אין דער חבֿרה צאָלט
ער אין דער חבֿרה־קאַסע אַרײַן א׳־ג, איין מאָל
ניט ווייניקער פֿון דרײַ רו"כ", קמ, 1866, No
49. 2. ספּעצ. אײַנצאָל פֿאַרן רעגיסטרירן זיך
(בײַ אַ שדכן). „האָב איך שוין אַלמערס מיט
פֿאַרשריבענע ביכער..., וויפֿל מאָל האָב איך
שוין געגומען בײַ חתנים און כלות א׳־ג"", מסדר
אגרת, ווילנא והוראדנא תקפ„ה.
אײַנשרײַבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אײַנשרײַבן. פֿאַרנאָטירונג. אַן
א, וועגן אַ קליינעם פּרט. א׳־ד אָ ק ו מ ע נ ט.

אײַנשרײַבן — טרוו. שרײַב אײַן, ~געשריבן.
1. אַרײַנשרײַבן פֿאַרשרײַבן פֿאַרנאָטירן
פֿאַר, , ,
צייכענען אין אָ בוך, העפֿט, אויף פֿאַפֿיר,
פֿאַרמעט אע. א, אין טאָגבוך אַ געשעעניש. א, די
מעשׂה אין אַ ספֿר. אַן אַלבום אײַנצושרײַבן
דעדיקאַציעס. א, אין פּנקס די תּקנות, די נעמען
פֿון די פּרנסים. ״ווען עשׂ בלײַבט בהסכּמה...
זאָלין תּיכף המוסכּם אײַן שרײַבן בפּנקס
הקהל,,, 'כּרוז יערסלבֿ', תּל,,ב [י ראל הײלפּרין,
ועד ארבע אַרצות, ירושלים תּש״ה]. ״איטליכשׂ
וואָרט דשׂ דער מענש רעט, עז זײַא גוט אַדר
ביז, דאז ווערט אַלשׂ אײַן גשריבן אין איין
בוך״, לט1, ב/ב. ,,דער ווערט איין גישריבין אין
ספֿר החיים, דשׂ מיינט דשׂ ער דשׂ יאַר ווערט
לעבן״, ס ר המנהגים, אַמשט 1723, לה/ב. *מע
מעג עס מיט אַ קויל אין אויוון א, = א) איר

וועגן עמעצנס אַ חובֿ, אָ התחײַבֿות וואָס האָט
ניט קיין ווערט; ב) וועגן אַ ליגן בכלל.

2. ספּעצ. אַרײַנשרײַבן אויף אַ
בוכהאַלטערישן אופֿן. א, אַלע טראַנסאַקציעס. 3. ספּעצ.
אויספֿילן בלאַנקען. א, אין פֿרעגבויגן אַלע
ענטפֿערס. 4 פֿאַרשרײַבן דעם נאָמען אויף

.

אַ ספּעציעלן אופֿן. א, אין גאָלדענעם בוך.

5. אײַנמעלדן, אײַנרעגיסטרירן. א, די אַפּל.. ..
קאַנטן. א, די קינדער אין שול. ״דא האָט זי
דער אַבֿרהם גיבעטן דאז זי זאָלין אין דעם
ריסטער אײַן שרײַבן״, 'שו״ת ב״ח, פֿפֿדמ 1797
[הש I].

6 פֿאַרשרײַבן אין אַ חבֿרה. ״גלײַך נאָכן

.

ברית האָט דער זיידע אײַנגעשריבן דאָס אייניקל
אין זײַן חבֿרה און געצאָלט פֿאַר אים
חודשלעכע״. ,,אין דער צײַט איז אײַנגעגאַנגען פֿון
א, אין דער חבֿרה... 335 רו״כ״, קמ, 1863,
No 25.

7. אַרײַנשטעלן דעם נאָמען אין אַ רשימה
צו באַשטראָפֿן אע. א, אויך אָרעמע בעלי־בתים
צו צאָלן קאָנטריבוציע. ,,דעם הייס איך אויס
דער שטאָט אַרויסטרײַבן, דעם — אין דער
קאָנסקריפֿציע א׳״, עט, לידער.

8. אַרײַנשטעלן אַ פּונקט אין אַן אָפּמאַך

פֿאָר.
מולירן אַ חיובֿ, אַ התחייבֿות. א, דעם נדן אין די תּנאָים. א, אַז הוצאָות טראַנספּאָרט איז אויפֿן חשבֿון פֿון קונה. „מן פּפֿלעגט איין צו שרייַבֿן חובֿות אויף גיטר„, תּקק. „דאָס וואָס עס שטייט ניט אייַנגעשריבֿן אין שטר קיין אַחריות, האָט גאָר דער סו״ר... אַ טעות געהאַט און האָט פֿאַרגעסן אייַנצושרייַבֿן אַחריות„, שהמ, יב/ג.
9. וואוילינגעריש. דזוו אייַנמעלדן, בּ4 ←.
מיט ז י ך — א, זיך אין פֿאַראיין, אין דער חבֿרה. א, זיך אין שול, אויף קורסן. ״מי שירא וחרד דבֿר ה, ווערט זיך איין שרייַבֿן בּחבֿרה הנ„ל״, 'פּנקס קהלת אה״ו', כּרוז פּד [ייִבֿל XXXIII]. ״ווערט ער [דער שרייַבֿער] אַ מקשה לילד... מוז ער זיך שוין טאַקע א, אינעם חבֿרה־קדישא־פּנקס פֿאַר אַ מת״, ייִל פֿונ'ם
,
יאַריד, אַדעס 1909.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אײַנשרײַען — טרוו. שרײַ אײַן, ~געשריִען (לד), ~געשריגן (פּד). אַרײַנשרײַען. א, דעם ענטפֿער דעם טויבֿן אין אויער אַרײַן. א, אין זאַל אַז עס בּרענט. מיט ז י ך — זיך

צוגעוואוינען צום שרײַען. אַ קינד וואָס האָט זיך אײַנגעשריִען. ־עניש. ־ער.

אײַנשריסט — די, ־ן. דאָס וואָס איז אײַנגעשריבן, אײַנגעקריצט. "די עלטסטע סומערישע געשריפֿטסן זײַנען א'ן אויף שטיין,,, מוו, די שוואַרצע פּי[טעלעך.

אײַנשרענקען — טרוו. שרענק אײַן, ~ געשרענקט. פּד. 1. אײַנציִען, פֿאַרקלענערן, פֿאַרשמעלערן. אײַנשרומפּן. עס שרענקט אײַן בײַם וואַשן. ,,מע קלײַבט זיך אײַנצושרענקען די בויאינדוסטריע" פֿאש, 10 XI l950. "האָט דער אין,

סוף... געמוזט א, [= מצמצם זײַן] זײַן ליכט,,, באַש פֿאָר, 2 .29 IX 1965. אײַנצוימען. א, רעכט.

,

אייסטאַ ע

מיט ז י ך — ,,זיי וועלן שוין אַוודאי ניט וועלן זיך אָנשטרענגען און זיך א"", ארז, קמ, 18 1864' No. ,,אויך טראַגיק פֿון מענטשן

...

וואָס האָבּן זיך אײַנגעשרענקט און
אײַנגעצוימט“, קאָר II. ־דנג.

אײַנשרעקן — טרוו. שרעק אײַן, ◌י.,געשראָקן.
אָנוואַרפֿן אַ שרעק אויף אַ לענגערער צײַט. א,
די שכנים מיט כּלערליי סטראַשונקעס. א, אַ
קינד ער זאָל מורא האָבּן פֿאַר פֿרעמדע. רעדן
וועגן טויט און א, די לעבּעדיקע. ,,מיר האָבּן
עס אים אַזוי געזאָגט ניט אַזוי אום אים

אײַנצושרעקן“, אמד, דיא וויסטענ◌.א זאהאַראַ,
ווילנע 1868. ,,דו געדענקסט נאָר דעם קאָמיסאַר
וואָס האָט דערשאָסן אַ סאָלדאַט, בּדי
אײַנצושרעקן די אַנדערע סאָלדאַטן, זיי זאָלן ניט
גנבֿענען און רויבּן,,, חג, דער מאַמעס שבּתּים

־ונג. ־עכ◌ן. ־עניש.

איינשתיהן — [... שטיִ־יען] טרוו. שתיה אײַן,
-

~געשתּיחט. אַרײַנטרינקען (גוזמאדיק). א,
עמערס אָקעוויט.

אײַנשׂכלען — [... סייכלען] טרוו שׂכל אײַן,
~געשׂכלט. בּאַרעכטיקן מיט אַ שׂכלדיקן
מאָטיוו. ראַציאָנאַליזירן. א, סתּם אַ שוואַכקייט
מיט כּלומרשט־פּראַקטישע מאָטיוון. אַנשטאָט

גובֿר צו זײַן אַ תּאווה זי א, גאָר.

-

אײַנתושבֿן — [... טוישעוון] טרוו. תּוֹשבֿ אײַן,
,י.,געתוֹשבֿט. מאַכן פֿאַר אַ תּוֹשבֿ.
אײַנבֿירגערן. א, אימיגראַנטן אינעם נײַעם לאַנד. מיט
ז י ך — "אַלץ זען ווי דורך אָפֿענע שפּיגלען
און ניט א, זיך מיט אַלעמען גלײַך", הל, 1927.
"ווען מיר תושבֿן זיך אײַן אין דער
פֿאַנטאַסטיק, אַנטדעקן מיר... אַז דאָס קעסטעלע
עפֿנט זיך פֿשוט"', מ. פּערלמוטער פֿאַש,
,

.15   1959
איינתכליתן — [... טאַ'כלעסן] טרוו. תּכלית
-
אײַן, ~געתכליתט. נעאָל. אַרײַנקריגן
ממשותדיקס פֿון עפּעס וואָס האָט געוויינלעך נאָר
אַ גײַסטיקן ווערט. "ער האָט פֿאַרשטאַנען
אײַנצותּכליתן זײַן גוטן נאָמען", רייד (נ.,י).
אײַנתּענוגן — [... טײַ'נעגן] טרוו תּענוג אײַן,
~געתּענוגט. נעאָל. צוגעוואוינען עמעצן צו
תּענוגים. "די רײַכע אַלמנה וואָס האָט חתונה

געהאַט מיט אים האָט אים אַזוי אײַנגעתּענוגט
אַז ער האָט שוין פֿאַרגעסן..,,,, רייד (מ אַמי).
י

-

מיט ז י ך.
איינתּפֿיסהן — טרוו. תּפֿיסה אײַן, ,

געתּפֿיסהט. 1. אײַנזעצן, אײַנשפּאַרן אין תּפֿיסה.
א, דעם גבאי. 2. פֿיג. אײַנצוימען.
אײַנגרענעצן. "זייער אויפֿטו קאָן ניט אײַנגעתּפֿיסהט
ווערן אין די שמאָלע האָריזאָנטן פֿון
נאַציאָנאַליזם", טמז, 19 1969 X.
אייס — די, ־עס. אַמ. (קאָרטנשפּיל) טויז.
אַרײַנקריגן אַלע א'עס.
אייסטאַכיע — די, ־ס. (אַנאַטאָמיע) אָרגאַן
אין דער פֿאָרעם פֿון אַ רערל וואָס ציט זיך פֿון
מיטלסטן אַריער צום שלינג־חלל [אויפֿן נאָמען
פֿון איטאַליענישן אַנאַטאָמיקער ustacljio]
16. י,,ה]. די א, העלפֿט אויסצוגלײַכן דעם

איי'סיך־וואָ'ס

לופֿטדרוק פֿאַר די ביידע פּויקהײַטלעך. ־יש
— אַדי. א'ישע ר ע ר. "די הינטערשטע וואַנט
פֿון שלונג איז באַדעקט מיט אַ פֿײַכטער
שליימהויט און האָט נאָך בײַ די זײַטן צוויי
עפֿענונגען וואָס פֿירן אין ביידע אויערן (א'ישע
רערן)" פֿגעז, ווילנע 9 1924, No פֿון
פּויק,
הײַטל ציט זיך אַ קאַנאַל וואָס מע רופֿט א'ישער
אינעם שלונג־חלל", דר, איסעל איבז, אָטאָ
שמײַל, דער מענטש, ווילנע 1921.
איי'סיך־וואָ'ס — אָפּטער אוֹפֿן אַרויסרעדן
ווייס איך וואָס. „א'־וו'! דו גלייבסט דען? דו,
ים־קאָטערל, מיינסט דאָך אַז דאָס זענען
אויסגעטראַכטע זאַכן", ב. רעסלער, איק, ר„ה תשי"ח.
אײַסעס — די. במ. אַמ. געפֿרוירנס,
פֿאַרפֿרוירענע פֿרובטזאַפּט מיט צוקער. שערבעט.
אייסערלעך — אַדי. דזוו אויסערלעך (←
300). דטשמ. אַרכ. „ווען איינר טוט איין
איזרליכי (רפֿואה) זאָל מן אַך דיזן (יהי רצון) זאָגן,
אבר קיין (ברכה) מאַכן„, עפּש, סידור תּפֿילות,
אַמשט תק"ח, קעא/ד. ־קייט —
דרויסנדיקייט, אויבנאויפֿיקייט.
אייסערן — טרוו. ־ער, געאייסערט. דטשמ.

דזוו אויסערן (. 300). אויסדריקן, מאַניפֿעסטירן. "האָט איין רײַכער סוחר אויך רשעת על שלנו געאײסערט", 'גזירה העבֿבֿ', אָנהייבֿ 19. י"ה [ייִבֿל XI, 1־2].

געווײנלעך מיט ז י ך — 1. זיך אַרויסזאָגן, מעלדן. ".... גאָרניט געטאָרט אויסזאָגן, נאָר ער האָט זיך געאײסערט אַז ער ווייסט פֿון גאָרנישט", ספֿר שבֿחי רמ"ל, לעמבערג, יאָר? "אין איינעם... לאַטײַנישן געדיכטע אײסערט זיך פּאַפּסט לעאָן...", דער יודענפֿרײַנדליכע פּאַפּסט לעאָ דער דר .צעהנטע, לעמבערג 1903.

2. זיך אַרויסווײַזן. "דיזער הייליקער געפֿיל אייסערט זיך (צײַגט זיך) שוין בײַ איר צאַרטעסטע קינדהייט", אמד. —ונג.

אייסערסט — דזוו אויסערסט (← 300). "איז ער [שאול] א, פֿרום געוועזן, אַ קליינינקייט — שלא טעם טעם חטא", שמו פלאי, המדבר בצדקה, וואַרשע תּרנ"ב.

אײַסקרים — די, ־ס. אַמ. iee eream: <.

אײַזקרעם, געפֿרוירנס, מאָראָזשענע. א'־ס אָ ד ע — געטראַנק פֿון סאָדע־וואַסער מיט אײַזקרעם.

אײַע־אײַע — די, ־ס. <איי >

מאַלאַגאַ

סיש. חיהלע פֿון דעם אינדזל מאַדאַגאַסקאַר פֿון דעם מין האַלבּ־מאַלפֿעס; לערך לאַנג אַ 50 צמ, מיט אַ פּוכיקן עק פֿון דער זעלבּיקער לענג, מיט לאַנגע באַוועגלעכע פֿינגער אויף די פֿאָדערשטע פֿיס. נערט זיך מיט צוקעררער, מיטן זאַפֿט פֿון באַמבּוס־בּוים און מיט קלענערע אינסעקטן. אַז די א'־א'ס פֿאַרזאַמלען זיך אין גרעסערע גרופּעס, גיבּן זיי אַרויס אַ געשריי וואָס דערמאָנט אין אײַ־אײַ. פֿון דאַנען דער

נאָמען. ־Aye־ayo,][)aube onia ma(la as .cariens s

אייעלע — דאָס, ־ך. פּקפּ פֿון איי (←
1046־47). „ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך, יידעלעך פֿריש פֿון די א'ך“, ח ־נ. בּיאַליק, '
אונ.

טער די גרינינקע ביימעלעך'. „די פֿאַלאָפּיערערלעך כאַפּן אויף דאָס א', און דורך זייער קאַנאַל ווערט עס איבערטראַנספּאָרטירט אין חלל פֿון דער געבערמוטער„ פֿגעז, ווילנע 1937,

,

.No 4

איַיען — אוטוו. איַיע, געאיַיעט. 1. זאָגן כּסדר איַי (. 1047). „וואָס איַיעסטו אַ גאַנצן טאָג?“.
2. דזוו היַיען. א'־שמיַיען. א, און שמיַיען.

איי'־עף־אָוו־ע'ל — די. באַ. אַמ. 1 o .A. P.
אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿעדעראַציע. ראָשי־תּיבֿות פֿון: אַמע'ריקן פֿעדערעישן אָוו לעיבאָר'.

,

[דער פֿאַרבאַנד פֿון די יוניאָנס געשאַפֿן אין 1886, ערשטער פּרעזידענט — גאָמפּערס.]

אייער — טצ פֿון איי (→ 1046־47). „די אייער לערנען די הינער„; „די א, ווילן זיַין קליגער פֿון די הינער“; “די קאַץ זאָל לייגן א', וואָלט זי געווען אַ הון“; „איידער דעם דאָקטער אַ צווייער — איז בעסער זיך אַ שאָק א'„; „די א, זיַינען טאַקע קליגער פֿון די הינער, אָבער זיי ווערן באַלד פֿאַרשטונקען“, שוו. „ניט קיין א', ניט קיין פּוטער, אַבי דער רצון איז גוטער„,

פֿוול [אַ פֿרוי ווענן אַ גוטן מאַן, אָבער אַ קנאַפּן פֿאַרדינער]. *ווען די הינער ווען לייגן פֿירקאַנטיקע א, = ווענן אַן אוממעגלעכקייט. ,,א, —

בּצים,,, אבּ, שמות ד␣רים, איזנע 1542. "אַזו זאַמלט דיא גוטי פֿרויא פֿיל א', אונ, דיא הינר בּריעטן דיא א, אויז אונ, קריגטן פֿיל יונגי הינר,,, מבּ, מעשׂה לז. ,,א, — ג ר אַ נ אַ ט ן אין וואַרשעווער פּאַרטיזאַנקע; א, לייגן — וואַרפֿן בּאָמבּעס", בּלום. וו אָ ל ש ע בּ נ ע א, — 'פֿאַרכּישופֿטע': האַרט־געקאָכטע און געפֿאַרבּטע וואָס מע פֿלעגט געבּן קינדער פּסח (שעדלעצער ג'). כ אַ צ ק ל ס א'—(אומאיידל) זאַך אָן אַ נוצן, אַן עסק אָן רווחים (שאַקי, ליטע). ר בּ נ יש ע א, — גאָר גרויסע (מיט פֿאַרשיידענע בּבּ פֿון וואָרט א'). ש ל אָ ג ן א, — וואול, האָבּן סעקסועלן פֿאַרקער. צונויפֿהעפֿטן: א'־אויסשיידונג, א'־בּעכערל. א'־הענדלער, א'־לאַגער, א'־פֿראָשיק אא.

אייער — קאָנ. ␣r :Mhd. אַרכ. איידער, פֿריִער ווי פֿרגל איי, קאָנ, 1047. ,,דער ממונה .

האָט בּידו מתקן צו זײַן דיא פֿתקין [= צעטעלעך] איער זיי גיאן אויש דען שער", נצ1, ז/ב. ,,צו אים זײַן מיר גיוועזן נאָך א, מיר זײַן

אויף דעם עולם גיוועזן‟, סהמ, תּהלים, ק, 4.
,,דר ארם מאַן איז דעמוטיג... דאַרום ווערט
זײַנע תּפֿילה איער דר הערט אַז פֿון דעם רײַכן,,,
לט1, טז/ב. ‟מן טאָר ניט איער (שמונה עשׂרה)
אָרין אודר עשׂ מוז טאָג זײַן,,, מהמ, פּז/א.
אייער 1 — פּאָסעסיווער פּראָ. Mhd: iu e.
-.
בּייגט זיך אַזוי ווי אונדזער (. ז, 680).
ווי אונדזער(ע, ער), ז, 681. 1. וואָס איז
שייך, געהערט צו א ײַ ך. געניצט בּײַם ווענדן
זיך צו מער ווי איין פּערזאָן. ,,טאַטע־מאַמע, גיט

אייערבּייגל

אַכטונג אויף א, קינד‟. ,,ווילט איר איך זאָל
זײַן די כּפּרה פֿאַר א'ע זינד?‟. ,,אוייאר —
שלבם,,, אבֿ, שמות ד ריס, איזנע 1542. ,,איר
קאָנט נאָך אַמאָל א, אומגליק פֿאַרגעסן. אַך, ווי
גרויס איז מײַן וואונד‟ פֿל. ,,מײַנע צרות
זײַ,
נען טײַערע, זיי קומען ניט צו א'ע‟, שוו. ,,איר
פֿענגרשׂ, בּײַא אייערין [אַרכ, מיט ענדונג ־ן.
= אײַער] לעבן בּיט איך אײַך, איר זאָלט זיא

ניט טיטן [= טייטן]„, צאינה, קעא/ד. „דאשׂ ביט א, אונטער טעניגשׂטר דינר„, יוסף מאַרש . שיני אַרטליכי גישיכטין, הקדמה, אַמשט תּע״ י „קחו מאתּכם תּרומת ה, — פֿון א, געלט, ניט אָבער פֿון אומרעכט געלט״, נוצ, נ/ב. „אַזוי! איז א, בּחורל שוין געוואָרן בּר־מצווה און נאָך נישט קיין חתן?„, ממוס פֿישקע.

2. וואָס איז שייך, געהערט צו איינעם (צו איינער) בּײַם ווענדן זיך נאָר צו איין פֿערזאָן וואָס מען אירצט (מחמת דרך־ארץ, ווײַל עלטער, ווײַל מען איז ניט אינטים, ניט נאָענט אע). „זייער אָנגענעם, איז די דאַמע א, פֿרוי אָדער א, טאָכטער? זי זעט דאָך אויס אַזוי יונג״. ״רבּי, טוט אויס דעם מענטליק, ער איז ניט א'ער„. „רבּי, די קו איז א'ע!״ [נאָכן פּסקענען אָז מע טאָר די קו ניט אַרויסשלעפּן אום שבּת פֿון אַ גרובּ]. „וואו איז ער? בּעט אים אַרײַן, א, גאַסט, ווען מיר טאַקע האָבּן אַ מזומן״, ממוס, ווינטשפֿ. „מיר האָבּן אויפֿמערקזאַם געלייענט א, לאַנגן איכה־בּריוו„ פֿגעז, ווילנע 1931.

No 20, בּריווקאַסטן.

3. אַרכ. אָנשטאָט אײַערס. „קויפֿט איר דז

בּוך, זא איז עשׂ אויאר /אום איין גולדן איז עשׂ ניט צו טויאר [= טײַער],,, מנהגים... דורך דאז גאַנץ יאַר, וינידיג ש״ן [ווענעציע 1590], עד/א. ,,צאָלט אונז... דא וועלן מיר אײַך דאשׂ אײַער ווידר צו שטעלן“, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קי/ב.

אײַער II — פּערזענלעכער פּראָ. אַרכ געניטיוו פֿון א י ר. ווער איז א, גלײַכן. ווען ווען מיר א, פֿטור ווערן? פֿרגל אונדזער 681. ←) II).

אייער III — דער. ← אַאיר, 2. א׳־ו ו אָ ר צ ל.

--

אייעראייל — דער? פֿליסיקייט קעגן רויטצעהיצטע אויגן [וואָסער מין אייל?]. ,,איין לײַנוואַנט טיכל אין אייער איל אײַן גיטונקט, אונט אויף דיא אויגן גליגט [= געלייגט]: פֿר טרײַבּט דיא היץ פֿון די אויגן“, איין נייא קלאַג ליד... אויף איין משרת פֿון פֿראַנקפֿורט, הענא? תּס,,ח.

אייער־אַרבּעטער — דער, [־ס]. שלעכטער אַרבּעטער. לאָקל, קאָליש.

אייערבּייגל — דער. מצ ווי אצ. בּייגל פֿון טייג וואו מע האָט אַרײַנגעשלאָגן אייער. אַן א, ווערט ניט געזאָטן אין וואַסער, האָט נאָר די פֿאָרעם פֿון אַ בּייגל. ,,א, — [די בּרכה]

בּורא מיני מזונות, אָבּער ווײַל עס איז דאָ
אַ דעה אַז מע מוז דעריבּער מאַכן אַ המוציא,
איז רעכט מע זאָל קיינמאָל ניט עסן א,, נאָר
אינמיטן עסן, ווען מע האָט זיך געוואַשן און
געמאַכט אַ המוציא,,, חא מד/ב. ,,דער יונגער

אייערבּײַטל

מולד הענגט אויפֿן הימל ווי אַן אָפּגעבּראָכענער
א,,,, ש. גאָרשמאַן ▯ מאָוו, היימלאַנד, 5 1962, No.
אייערבּײַטל — דער, ־ען. בּײַטל וואו עס
געפֿינען זיך די בּצים. ,,די דרויסנדיקע
געשלעבטלעכע אבֿרים זײַנען פֿולקום אַנטוויקלט! די
בּצים ליגן שוין ניט אין די פֿאַכוועס, נאָר אין
דעם א',, פֿגעז, ווילנע 1 1925, No.

,
אייערבּיר — דאָס. בּיר וואו עס קומט אַרײַן
אַ בּיסל צעקלאַפּטע אייער.
אייערגאַנג — דער, ־גענג. טרײַבּל אין
קערפּער פֿון אַ זי וואָס ציט זיך פֿון אייערשטאָק.
,,די אייעלעך גייען אַרויס פֿון קערפּער פֿון
דער זי דורך די אייערגענג — לאַנגע, געדרייטע
טרײַבּלעך אַזעלכע וואָס ווערן אָנגעקיואָלן אין
וואַסער“, יאַכ I.

אייער־גײַער — דער, ־ס. רויבפֿויגל פֿון
דער פֿאַרצווײַגטער פֿאַמיליע שפּאַרבערס. לויערט
איבער פֿרעמדע נעסטן און פֿרעסט אויף די
אייער וואָס ער געפֿינט דאָרטן. חדר־טײַטש
פֿאַר 'רחמה, (דבֿרים, יד, 16).ron][e] [
.]erCnO][erus
אייערגעלכל — דאָס, ־עך. געלכל פֿון אַן
איי. געניצט אַ סך אָפֿטער ווי אייגעלכל. ,,גיב
דעם קינד אַן א, מיט צוקער,,. ,,אַ מאכל...
געמאַכט פֿון א'עך, צעקוועטשט אין עסיק...,,,
אַרהם רעכטמאַן, ייִבל XI II.
איי'ערדיק — אַדי. וואָס האָט אין זיך איי.
וואָס האָט אַ שײַכות צו איי (אייער). א, טייג.
א'ע שפּײַזן. ''האָט צוגעטראָגן דעם מאַן אויף
אַ קליין טעלערל אַ שטיק רויג מיט אַן א,
קיכל,,, י. ל. בינשטאָק, בײַא ר, שלמה בערלינער,
לוואָוו 1896.
אייערדריז — די, ־ן. געשלעכטלעכער אָר
גאַן וואָס זײַן אויסשיידונג זײַנען אייער (.
איי, בב 4־5, ז, l047). ,,די א'ן האָבן אַ
צווייעדיקע אויפֿגאַבע,, פֿגעז, ווילנע 6 1924, No.
,
אייערוואוקס — דער. מצ מילכיקע זופּ,

אונטערגעשלאָגן מיט אייער [וואו?].
אייערוואָרצל — דער, ־ען. שפּײַז פֿון וואָר־־
צלען פֿון אַ באַזונדערן מין אַאיר, פֿריִער געקאָכט אין וואַסער און דערנאָך דורכגעפּרעגלט אין אייל. „א, געפֿרעגלטע [מאַכט מען די ברכה] שהכּל„, ברכות מנחס, [קעניגסבערג תּרי„ח], עא/א.
אייערווײַסל — ← אייווײַסל. „אויסשלאָגן א פּיאַנע, שוים פֿון א'ען" פֿאָר, 26 1961 III.
— —
,
אייערוועספּ — די, ־ן. מין פֿון דער פֿאַמיליע וועספּן, וואָס ביידע טיילן פֿון איר קערפֿערל זײַנען אייפֿאָרמיק. rnus□ □a□ □umenes□].
אייערונג — די, ־ען. סטוטש. אויסטיילונג פֿון אַן אַנטוויקלט (ניט־באַפֿרוכפּערט) איי פֿון אָוואַריע. דזוו אָוואולאַציע.
אייערזאַק — ← אייערשטאָק.
אייערזייף — די, ־ן. זייף וואָס האָט אין זיך איי(ער)־שטאָף. "די בעסטע זייף פֿאַר קינדער איז א', אָבער ניט פּאַרפֿומירטע„, פֿגעז, ווילנע 2 1924, No.

אייערזעקל — דאָס, ־עך. דזוו אייערבײַטל.
אייערטוועגן — אַדוו. פּפּ: אייער(ט)
סווע ־ ־
גן. פּטמ אין פּר, אוקר. דזוו פֿון אײַערטוועגן,
פֿאַר אײַערטוועגן. צוליבֿ (פֿאַר, איבֿער,
לטובֿת) אײַך. „מיר טוען עס חלילה ניט פֿאַר זיך,
נאָר א„„ רייד (צויזמער). „כ'ווייס, א, מעג איך,
אַפֿילו גיין איבֿער די הײַזער„„ רייד (קאָליש).
„מײַנטוועגן, א, — וואָס איז דער חילוק?„„ רייד
(אומאַן). "כע־כע, כ'מוז... א, זײַן אַ
פּאַטריאָט„„ בֿראָד, גש.
אייערטייג — דאָס, ־ן [פֿאַרשיידענע מינים].
טייג וואו עס זײַנען אַרײַנגעקנאָטן (געלכלעך
פֿון) אייער. געשמאַק ווי א'.
אייערטייגל — דאָס, ־עך. טייגל, געמאַכט
פֿון אייערטייג. „אָ רײַ ער בֿאַנאַן... איז ווייך
ווי אַן א, און שמעקט מיט האָניק„ פֿגעז,
,
פּאַריז 1 1951, No־2.
אײַעריק — אַדי. וואָס האָט אין זיך איי(ער).
"אַז מע מאַכט אויף פּסח א'ע מצות, וואָס מע
טאָר ניט אַרײַנטאָן וואַסער, זאָל מען קנעטן
אויף איין מאָל ווייניקער ווי אַ שיעור", ספֿר

מקור הבּרכה II, מונקאַטש תּרנ,,ה.
אײַעריק — אַדי. [טרעפֿט זיך געוויינטלעך נאָר
--
אין פֿולער פֿאָרעם.] וואָס געהערט צו אײַך,
האָט אַ שײַכות צו אײַך, אָפּט סובֿ: דער א'ער,
די א'ע = אײַערע נאָענטע, אײַערע קרובֿים.
א'ע מענטשן אאַזוו. ,,אַמאָל מעג אויך דאָס א'ע
אָפּגיין,,. ,,האָט ער משיבֿ גווען: דיא איירגי
זאָגן דז ער איין עושר איזט,, [רייד פֿון
קאַנצלער צו ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער. א'ע
באַטײַט דאָ: אײַערע ייִדן], ,כ"י מגלת איבֿה, 1703.
,,האָט ער דען געגעסן דאָס א'ע אָדער צי איז
ער דען אויף אײַערע קעסט?", איבּז ר, בּנימין
גרינבּערג, ספֿר נפֿלאות הזהר, מאָנטרעאָל 1927.
אייערל — דאָס ־עך. לאָקל (קאָלאָמיי און
אומג'). נאָך נישט פֿאַרטיק, ניט אַנטוויקלט
-
איי וואָס האָט נאָר אַ געלכל (אָן ווײַסל, אָן
שאָלעכץ) וואָס מע געפֿינט אינעווייניק אין אָ
הון.
אײַערל — דאָס, ־עך. פּקפּ פֿון אויער [
געוויינטלעך: אויערל]. ,,ס'קריגעלע גייט אַזוי לאַנג
צום וואַסער בּיז דאָס א, רײַסט זיך אָפּ,,, שוו
(פֿאַרצייכנט אין דוקלע, גאַליציע).

אייערלאָקשן — די. מצ. לאָקשן, געמאַכט
פֿון טייג מיט אַ סך אייער. א, אין מילכיקס.
אייערלייג — דער; אייערלייגן, דאָס.
פּראָצעס פֿון לייגן אייער. „הינער רעאַגירן אויף
מוזיק... מיט אַן א'ן„, איבּז, ל. פֿויכטוואַנגער,
פּעפּ, ריגע, יאָר? א'־אַפּאַראַט. א'־רעדל(עך).
א'נדיק — אַדי. א'ע זויגערס.
אייערלייגער — דער, ־ס. טייל פֿון
קערפּערל פֿון אינזעקטן וואו עס אַנטוויקלען זיך
די אייעלעך. "נאָכדעם ווי די רויפּע וואַקסט
אונטער און הײַטלט זיך אָפּ עטלעכע מאָל, וואַקסן
אויס בײַ איר פֿליגל און אַן א'", דר, איסעל
איבּז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924. „כּדי
אַהינצו אַרײַנלייגן זײַנע אייעלעך, שטעכט ער
[דער ניסלער־אינזעקט] דורך דאָס קנאָספּעלע

אייערנעכטן

מיט זײַן שאַרפֿן א'„, ע. איזראַ, שיך און
קאַלאָשן, קיִעוו 1928.
אייערמאַן — דער. מצ (בעל־עגלהש) אָגער,
זכר פֿון פֿערד. בּרענגען דעם א, צו דער
קליאַטשע.
אייערמאַנדל —דער, ־ען. געוויינטלעך: א'־

מאַנדעלע, דאָס, ־ך. קליין און קײַלעכדיק געבעקס פֿון טייג מיט אַ סך אייער אין דעם.
קרוכלע א'ען. א'עלעך אין הינערזופּ. „זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ברייטער...
שלאָפֿבאַנק, געקײַט א'עלעך“, שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿונ לעבנ, מאָסקווע 1948.

אייער־מצה — די, ־מצות. ווייכע מצה פֿון טייג מיט אייער. [מיט א'־מ, איז מען ניט יוצא די מצוות־עשה פֿון עסן מצה. א'־מ, פֿלעגט מען געבן נאָר חולאָים און קינדער (אַזוי האָט געפּסקנט דער רמ“א); ווען געזונטע דערוואַקסענע האָבן געגעסן א'־מ', איז דאָס שוין געווען אַ סימן פֿון זיך פּירן פֿרײַ.] „אַז מע האָט ניט קיין ציין — עסט מען א'־מ“, שוו [אַנשטאָט דער צווייטער העלפֿט: „קען מען ניט בײַסן„].
„די ווײַבער — עטלעכע ייִנגערע און גאָר יונגע — האָבן מיט [illegible] אַרקאַטשעטע אַרבל זיך גע[illegible]
עסקט אין קיך... ווער ס'האָט געשניטן דעם שמעקנדיקן האָניק־לעקעך... ווער עס האָט גערעדלט די א'־מ'לעך„, נאָטע לוריע, הימל און ערד מאָסקווע 1965.

איַערן זיך — אוטוו. עפּעמעריזם. האָבן

כסדר צו טאָן מיט אייער. ,,קעסעלעך... און ... היטלען מיט אייער, אין פּאָלעס פֿון שינעל אייער... אין די קעשענעס אייער, עס אײַערט זיך״, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1931.

אײַערנטוועגן — דזוו אײַערטוועגן. אַרכ ,,לאָז איך אײַך ווישן דז איך האבּ לגיסי ר, מענדל יצ,,ו געבּן י, זהו'[בּים] אײַערנט וועגן, וויא איר מיר גישריבּן האָט״, פּראָגבּ, ז, 30. ״ער וויל בּשטעטיגן אונ האַלטין אַל מײַני בּיגערונג, דיא איך פֿון אים בּגערט האבּ אײַערנט וועגן״, יוסיפֿון, אַמשט 1743, נו.

אייערIניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. ווער עס האַנדלט מיט אייער. ״ווען איר זאָלט אַ סוחר אָדער אַן א'ניצע נישט נוהג כּבֿוד זײַן, וועט איר כאַפּן אײַער פּסק,,, מר III. ,,נאָר נאָך איין יאַרידניק שטייט אויפֿן מאַרק: דער געלער א'ניק״, קוו, צוויי כאַוויירים.

אייערנעכטיק — אַדי. וואָס איז פֿון (האָט א שײַכות צו) אייערנעכטן. א, בּרויט פֿלייש —
,
אאַזוו. ״דער אַמעריקאַנער ייִד... איז דאָ... אַלץ .ער נעכטיקער צי דער א'ער ייִד פֿון שאָפּ, פֿון פּושקאַרט פֿון דער סטאָרקע,,, בּצג,

—
,
טמז, 17 1965 X.
אייערנעכטן — אַדוו & דער, ־ס. ← איינעכטן.
Mhd: r + nabten. מיט צוויי טעג צוריק.
טאָג פֿאַר נעכטן פֿאַרוואָס ביסטו א, ניט
גע.
קומען? ניט געדענקען וואָס עס איז געשען א'.
א, איז געוועזן דער יאָרצײַט. 'שלשום, ווערט
שטענדיק פֿאַרטײַטשט: א . „ער איז ניט צו

אייערנעסט

אים ווי נעכטן — א'„, תּי, בּראשית, לא, 2.
„איך בּין געווען צוליב אײַך אַ קליין
מענטשעלע תּמיד, אי א„ אי נעכטן, אי הײַנט„, ממוס,
דאָס קליינע מענשעלע. „נעכטן האָט זיך
איר דער א, דערמאָנט מיט אַלע זײַנע וויסטע
שרעק„, סעג, איצטער. די אָמאָליקע א'ס און
די גאָר אָלטע אייער־א'ס. שפּאַסיק:
אייערמאָרגן. — ווען וועסטו קומען צו מיר? —
א'״.
אייערנעסט — די, ־ן. 1. דזוו אייערשטאָק
בּײַ אַ פֿרוי. „יעדער זי, יעדער ,ווײַבספּאַרשוין',

האָט פֿון געבוירן אָן אין איר א, — אין איר
דריז וואָס שטויסט שפּעטער, נאָכן
געשלעכטלעכן צײַטיק־ווערן, די אייער אַרויס— אַ
באַשטימטע צאָל שפּראָצלעך פֿונוואַנעט עס
אַנטוויקלען זיך די אייער,,, ימ איבז, ייִנגל און
מיידל, ריגע 1929. 2. נעסט פֿון אַ פֿויגל,
וואו עס זײַנען דאָ אייעלעך.
Mhd: iu‎י‎er ־. — אײַערס(ט)האַלבן
--

lbe]. דזוו אײַערטוועגן ←. "
מײַנסטהאַלבן קען די וועלט... גיין מיטן קאָפּ אין דער
ערד! — אײַערמטהאַלבן! — האָט [ער] אים
נאָכגעשפּעט...", ב. דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט.
אײַער (ע, ער) — ←אײַער I. א'ס —
נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו נייטראַל. א'ן — דאַטיוו
נייטראַל; דאַטיוו און אַקוזאַטיוו מענלעך.
פּאָסעסיווער אַדי קומט נאָכן סובסטאַנטיוו, געניצט
אויך זעלבשטענדיק, אָן סובסטאַנטיוו. אויב
פֿאַרן סוב, קומט אַרײַן דער אומבאַשטימטער
אַרטיקל. ווער עס געהערט צו אײַך, ווער עס
איז פֿון אײַעריקע. דאָ זײַנען אַלע א'ע. ער (זי)
איז ניט פֿון א'ע. דאָס איז א'ער אַ באַקאַנטער.
דער באַקאַנטער א'ער איז ניט געקומען. וואו
איז דאָס קינד א'ס. ס'איז א'ס אַ קינד. רעדן

מיטן פֿאָרשטייער א'ן, מיט א'ן אַ פֿאָרשטייער.
אייערעפּל — דער. מצ ווי אצ. דזוו פּאַטלעזשאַן, באַקלעזשאַן.

אײַערער — דזוו אײַער I. ,,ווי דערלעבט מען שוין נאָר א, אַלע פֿטור צו ווערן,,, עט, סערקעלע.

-

אייערסירער — דער, ־ס. ענגער קאַנאַל פֿון אייערנעסט צו דער הייבמוטער, געבערמוטער.
אייערפֿלאַנץ — די, ־ן. דזוו אייערעפּל.
אייערפֿלוים — די, ־ען. גרויסע געלע פֿלוים. ,,ער האָט אויך אָנגענומען אַ פּאָר הויפֿנס א'ען,,, חייט פּעט, 'אַ פּאַסטקע,.
אייערקאַלך — דער. קאַלך וואָס מע קען באַקומען פֿון אייערשאָלעכץ. ,,ניט אייער שאַלן... טו זי אין איין נוייאן האַפֿן... לאשׂ עשׂ באַקן אים אופֿן [= אויוון], זא ווערדן די אייער שאַלן ווײַשׂ, דשׂ זעלב היישׂט אייער קאַלך", 'כ,,י ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, .[17 No
איי'ערקאַנאַ'ל — דער, ־ן. דזוו אייערפֿירער. ,,דאָס אייעלע, אַרויסקומענדיק פֿון

אייערשטאָק... קאָן באַפֿרובטעט ווערן... אין דער געבֿערמוטער... אָדער אין א'‚‚ איבֿז, עצות פֿאַר דעס פֿרויען לעבֿען, וואַרשע 1908.

▯

אייערקוכן — דער, ־ס. (קײַלעכדיקער) קוכן,

געבאַקן פֿון מעל, פּוטער און אייער. "דאָס האָט איר אַליין אויסגעבאַקן אַזאַ שיינעם א'?".
,,והיו לכשׂר אחד... דא איז אַלז איין אייאר קוכן,,, מנהגים... דורך דאז גאַנץ יאַר, ווינדיג ש,,ן [ווענעציע 1590], ע/ב.

אייערקיכל — דאָס, ־עך. קיכל פֿון אַ טייג מיט אַ סך אייער, פּוטער, צוקער. דער מאַמעס געשמאַקע א'עך. מירבע א'עך. אַן א, וואָס צעגייט אין מויל. קאַווע מיט אַן א'. צעבּרעקלען (זיך) ווי אַן א,. האָבן אַ האַפּט (זיך האַלטן) ווי אַן א, פֿאַר די אַלע געלאַדענע און אומגע־.
לאַדענע געסט [אויפֿן בן־זכר] שטעלט מען משקה, ניס, אויסגעזאָטענע באָבעס און אַרבעס, א'עך מיט צימרינג און צוקער באַשיט, ייִפֿאָל, 44 No ,1882. ,,איבּערן בית־מדרש... מיטן בּיטערן טראָפּן און א'עך צום פֿאַרבּײַסן", פּרץ, כרונו [.

אייערקלאַפּער — דער, ־ס. מכשיר צו מאַכן שוים פֿון אייווײַסלעך. מכשיר צונויפֿצומישן אייער מיט נאָך באַשטאַנדטיילן פֿון אַ שפּײַז. "מישט צוזאַמען דאָס וואַסער, אייל און אייער, אַמבעסטן מיט אַן א', עס זאָל זיך גוט

אויסמישן,, פֿאָר, 1965 2l III.

,

אייערשאָל (עכץ) — די, ־ן. דרויסנדיקע
האַרטע אַרומוויקלונג פֿון איי. ,,ווילכער ורויאן
[פֿרויען] די ברושׂט האנגען. די נעם אייער

שאַלן, רוט בירן...,,, 'כ,,י ספֿר הרפֿואות,,
1474 [דווקא, No 17]. ,,און, זי [די קליינע שלאָנג]
וואָלט ווידר אום אין די אייר שאַל הניין שליפֿן,
דא שטאַרב זיא אי [= איי, איידער] זיא ווידר
צו דר אייער שאַל קומן וואַר,,, יוסיפֿון, אַמשט
1661. ,,אונטער די פֿיס קנאַקט א'עכץ'', פּרץ,
,ר, שלומהס מעשׂהלעך,.
אייערשווועמל — דאָס, ־עך. קליין געלבלעך
שוועמל. וואַקסט אין שפּעטזומער און אין
האַרבסט אומעטום אין וועלדער פֿון מעסיקן
קלימאַט פּיסל אַן
* —
ערך 5 צמ. דאָס
היטעלע פֿון 3
ביז 10 צמ; ס'
היטעלע איז פֿריִער
פֿלאַך, דערנאָך
אײַנגעבויגן מיט

אַ כוואַליקן
רעמל אַרום. געווען באַליבטע שפּײַז בײַ ייִדן
אין מזרח־אייראָפּע. (Cn￿hare1lus c￿ibarius).
אייערשטאָק — דער, ־ן. דזוו אייערנעסט,
בּ1. ״אַזעלכע אבֿרים וועלכע באַשטייען פֿון
שטענדיק זיך פֿאַרמערנדיקע קעמערלעך ווי צום
בײַשפּיל: געשוואולסטן... האָרוואָרצלען,
זוימענדריזן, א'ן״ פֿגעז, ווילנע 2 1923, No־3.

,

אייערשפּײַז — די, ־ן. 1. שפּײַז געמאַכט
פֿון אַן איי פֿון אייער. 2. ספּעצ פֿײַנקוכן.

. ,

,,עסן? וואָס קען איך אײַך איצט אַזוי שפּעט
געבן? סײדן אַן א, מאַכן״, אַר, ,אַ שטעטל אָן
ווײַבער'.
אייפּאַטריד — דער, ־ן. <איי <גר. מצ זן.

￿

אייפּירער

ווער עס שטאַמט פֿון אַ ייִחוסדיקן שטאַנד.
נאָטאַבל.
אייפּולווער — דער, ־ס. פּולווער, פּראָשיק
פֿון דעהידרירטע אייער. אויך: אייער־פּראָ—

שיק.

אייפעפ▯סיע — די. בא. <איי <גר. (פּיזי▯ו.
לאָגיע) גוטע, לײַכטע פֿאַרדײַאונג (היפּוך:
דיספּעפּסיע). —טיש, ־סיש — אַדי.

אייפּאָניאָן — דער, ־ען. פּפּ: אייפּאָניום.
מוזיקאַלישער בלאָז־אינסטרומענט, געמאַכט פֿון
מעש, וואָס גיט אַרויס אָנגענעמע קלאַנגען.

אייפּאָנ▯יע 1 — די, ־ס. <איי <גר.
וואוילקלאַנג, וואוילקלאַנגיקייט. אַרײַנשטעלן צוליב
א אַ נון צווישן אומבאַשטימטן אַרטיקל און
,
אַ וואָרט וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ וואָקאַל.
אָפּהיטן א, בײַם רעדן, בײַם פֿאָרלייענען. די
א, פֿון ליד ־יש — אַדי ־ישקייט —
. .
,,לאָמיר פּטור ווערן פֿון דער
איינהייטלעכקייטמחלה און זיך רעכענען מיט א, און מיט
ריכטיקייט פֿון באַטײַט,,, אַלף כּץ, ייִשפּ 2 ,XX.

אייפּאָניע 11 — די, ־ס. הייסט אויך: אָרגאַ—
ניסט. פֿאַרביקער
זינגפֿויגל פֿון מיטעלער גרייס,
אויפֿן אַמעריקאַנער
קאָנטינענט (צווישן פּאַראַגוויַ
און קאַנאַדע). נערט זיך מיט

זאָמען און אינסעקטן.
צייכנט זיך אויס מיט
מתיקות פֿון שטים.

אייפֿאָרבּיע — די, ־ס. (בּאָטאַניק) מין גראָז
און קרײַטעך אין אַ גרויסער צאָל
אונטערמינים (אַן ערך 700). וואַקסט
אין אַלע קלימאַטן. פֿון די
בּלעטער און דעם שטענגל פֿון א,
דריקט מען אויס אַ געדיכטן
זאַפֿט וואָס האָט דאָס אויסזען פֿון
מילך (פֿ י י ג ל מ י ל ך אָדער
ו ו אָ ל פֿ ס מ י ל ך). דעם זאַפֿט
האָט מען געניצט ווי אַן
אָפּפֿירמיטל. אַ צאָל אונטערמינים זעען
אויס ווי קאַקטוסן. □horbia [u□I].

-

אייסאָריע — די, ־ס. <איי <גר.
וואוילגעפֿיל. געניצט מיטן בּ: אומנאַטירלעכע
אויפֿגעמונטערטקייט אָן שום מאָטיוו, און צו
בּאַצייכענען קורצדויערדיקע פֿאַרבּעסערונג אין
מצבֿ פֿון אַ האָפֿענונגסלאָזן קראַנקן. ,,... עס
זאָל ווײַטער אומפֿאַרשטערט הערשן אַן

אומקריטישע אָפּטימיסטישע א,,,, דר, מיכאל
אַסטור, אויפֿן שוועל, סעפּט, אָקט, 5 l966, No.
איי'פֿאָרמיק — אַדי. פּפֿ: ־פֿאָרעמדיק.
וואָס האָט די פֿאָרעם פֿון אַן איי, וואָס איז
אָוואַל ווי אַן איי. א'ע ליניע. א'ע פֿירות. ,,
פֿאַרטריקנט און שטעלט צונויף אַ קאָלעקציע פֿון
נאָדלאַרטיקע, לינעאַלע, לאַנצעטאַרטיקע, א'ע,
עליפּטישע... בלעטער“, יאַכ I. ־יקייט.

-

אייסירער — דער, ־ס. דזוו אייערפֿירער ←.
,,די סיבה איז די וואָס דאָס אייעלע טרעפֿט זיך
מיט דעם ספּערמאַטאָזאָאיד און ווערט

באַפֿרוכאייפֿל־טורעם

פֿערט גראָד אין א', אײדער ס'באַוויַזט
אַרײַנצודרינגען אין שלייערהויט פֿון דער
הייבמוטער“ ◻געז, ווילנע 8 1932, No.

,
אייפֿל־טורעם — דער. בא. אײַזערנער
טורעם אין פֿאַריז (300 מעטער הויך) אויפֿן
נאָמען פֿון קאָנסטרוקטאָר אינזשיניר אייפֿל. הויך

ווי דער א'־ט'. ״עס איז פֿאַרשוואונדן ערגעץ
אין די וואָלקנס דער קאָפּ פֿון א,־ט', און נאָר
זײַן מעטאַלענער גאַרטל פֿינקלט״, ט. זיסמאן.

--

אייסעמ יזם — דער, ־ען. <איי <גר. '
שיינרייד, פֿארפֿײַנערטער אויסדרוק, לשון נקיה.
— .

פֿאַראַן צוויי מינים א'ען: א) פֿאַרבײַט פֿון אַ
וואָרט וואָס מע האָט מורא אַרויסצוזאָגן;
בֿ) פֿאַרבײַט פֿון אַ וואולגאַר וואָרט וואָס מע
זאָגט ניט אַרויס מחמת איידלקייט. דוגמאָות:
סגי־נהור אַנשטאָט בלינדער; דאָס גוטע אָרט
אַנשטאָט בית־הקבֿרות; א גוט אויג אַנשטאָט
עין־הרע אדגל. הינטן אַנשטאָט תּחת (אָט דאָס
וואָרט איז אויך געווען אַן א'). אין ייִדיש ווערן
העברעא זמען אָפֿט געניצט ווי א'ען, אין
אייראָפּעאישע לשונות ניצט מען פֿאַר דעם צוועק
ווערטער רן לאַטײַן. ־יסט (—ין) — ווער
עס ניצט אַ סך אייפֿעמיזמען. ־(יסט)יש —
אַדי. ־יזירן — טרוו. א, וואולגאַרע ווערטער.

--

אייסער — דער, ־ס? <פֿרײ־נײַהויכדײַטש.

1. פֿלײַס, אָנשטרענגונג, אָנגעשטרענגטקייט, גרויס איבערגעגעבנקייט. „.... מיט וואַש פֿאַר אייפֿר און, פֿלײַס מיך אינקוראַשירן זאָל„, דוד מאָרשן, לשון זהבֿ, אַמש ט 1734. "האָבן די רעפּאָרטערס מיט גרויס א, באַשריבן די מלחמה",

ייִז, ח ר נחמן. „דעם פּאַק פּאַפּירן און דאָקומענטן וואָס איך האָב ביז איצט געהיטן מיט

אזא א'", באַש פֿאָר, 20 1963 I. „לײַטער איך

___ -

מיט מער נאָך א, אין ליבשאַפֿט דיך, מײַן העלער זשאַרגאָן„, הל, אַ בלאַט... עפּלבוים.

2. ענערגיע, אימפּעט. אַרײַנוואַרפֿן זיך מיט א, אין אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג, ספּאָרטפֿאַרמעסט אע. „מיט גרויס ענערגיע און א, זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין זײַן שפּיטאָל אַרבעט„, ייִז,

-

-

... קאַרנאָווסקי.

3. ענטוזיאַזם, קאָך, ברען, פֿײַער. גרויסע אויפֿרעגונג. "מײַן פֿרויא... האָט זיא זאָלכן אייפֿר אונ, צאָרן גיפֿאַסט", 'מכירת יוסף', פ◌דמ 1713 [אַווע III]. „,... מיט פֿאַנאַטישן א, צו לויטערע מעשׂים טובֿים", י. טיגער, דער צדיק און דער בעל־תּשו◌ה. „געפֿרווּט אים אַריבעריאָגן מיט אידעאָלאָגישן א'", ש ביקל, שרײַבער ◌ון מײַן דור I. „מיט פֿײַערדיקן א, איך ראַטעווע, איך פֿאַק אַ טאָוול און אַ ספֿר וואָס טיפֿער אין אַ זאַק", הל, אין טרעבלינקע...

4. באַגער פֿאַרלאַנג. אַן א, צום לערנען.

„אייפֿר נאָך רײַכטום אונ, הונגריג גטיהט צום געלט", ספֿר מ◌חר הפּנינים, הומבורג תּצ„ט.

5. אייפֿערזוכט. קנאה. פֿילן אַן א, צום געזונטן יונג. „מיט אַ גוואַלדיקן א, האָט ער געקוקט איף די דערוואַקסענע, די גרויסע, וואָס דאַרפֿן ניט גיין אין חדר„, י'ז'... אשכּנזי. מיט דעם ב אויך: א , ג ײַ ס ט , אורח, 36.

אייפֿערדיק — אַדי. פּפֿ: אייפֿעריק. וואָס איז מיט אייפֿער (מיט אַלע בּבֿ). אָנגעשטרענגט; איבערגעגעבּן. ענערגיש, אימפּעטדיק. ענטוזיאַסטיש, בּרעניק. בּאַגעריק, אייפֿערזיכטיק פֿאַר.

נעמען זיך א, מיט עפֿעס. אַן א'ע אַרבּעט.

,,די איבּעריקע סאָלדאַטן זײַנען שרעקלעך א'. מע בּורטשעט: שוין זיך אוי געני כעט", ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931. ־יקייט — ,,שאול האָט זיי געזוכט צו דערשלאָגן אין זײַן א, ['בקנאתו'] פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל און יהודה", תּי, שמואל ב, כא, 2. ,,די שרײַענדיקע קריסטלעך־קאַטוילישע א, פֿרן דעם משומד", צײַט, טמז, 15 l953 IX.

אייסערונג — די, ־ען. פֿראָצעס פֿון איימערן ←. "זײַן קרוין איז די הילף, צדקה איז זײַן קלייד, זײַן אײַנהילונג איז א'", יוצר ליוםכּיפּור פּפֿדמ 1885, ז, 60.

,

אייפֿערזוכט — די, ־ן. 1. בּרעניק געפֿיל
פֿון קנאה און מורא פֿאַר אַ קאָנקורענט אין
ליבּע. אויפֿרעגונג, שרעק, קנאה, ווײַל דער
צווייטער צד אין אַ ליבּע־פֿאַרהעלטעניש איז
ניט געטרײַ אָדער בּײַם חושד זײַן אַזאַ
ניטגעטרײַשאַפֿט. מאַנצבּילשע, פֿרויאישע א'. אַן א,
צו זײַן פֿרוי, צו איר מאַן. „די ליבּע איז ־רײַ,
אָן אַ בּייז אויג, אָן א'„ פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. „די א„ בּאַגלייטנדיק די ליבּע, וועט
ניט פֿאַרגיפֿטן...„ ווינטש, דאָס נײַע לעבּען,
מײַ 1921. „די שיינע מאָדע'ל... זוכט די א,
צו שטילן פֿון דעם אויפֿגעקאָכטן קינסטלער„
יהואָש, 'פֿאַגאַניני'. „נישט דער
לײַדנשאַפֿטפֿלאַם, נישט דער א'־סם, נישט די גאווה פֿון
זיג, נישט די זאַטקייט פֿון גליק... אַך,
פֿאַראַן איז אין מיר אַזאַ בּענקשאַפֿט צו דיר„
סעג, סטרונעס.
2. ניט־פֿאַרגינערישקייט, קנאה צו עמעצן
וואָס האָט מער הצלחה, מער פֿעאיקייטן, אַ
גרעסערן שם אע (אָדער בּײַ אַן אָפּדאַכטעניש
אַז עס איז אַזוי). "שרײַבּערס זײַנען אַזוי
אַרײַנגעטאָן אין זיך אַז אַנדערע עקסיסטירן ניט
פֿאַר זיי, סײַדן נאָר ווי אַ קוואַל פֿון א'„ שנ,
קריטיק און קריטיקער. „די ערשטע א', די

ערשטע קריוודע פֿון דעם וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין
גענאָד קעגן דעם וואָס פֿאַרמאָגט זי יאָ“, גרינ,
מענטשן און ווערטן.

--

אייסערזיכטיק — אַדי. וואָס לעבט איבער

דאָס געפֿיל פֿון אייפֿערזוכט. אָ ט סוב. זײַן
א, אויף עמעצן. אַן א'ער איבער אַ גאָרנישט.
„די רויטע לבֿנה, דער ווײַסער אַטלאַנט — אַ
בענקענדע נאָנע, אַ זקן־גאַלאַנט. אָט וואַרפֿט זי
אים ליכטיק איר פֿאָרוואורף פֿון שײַן,
צע לאַמט, א', אין פֿנים אַרײַן,„ אַל II, דער
אַט,
לאַנט'. שפּאַסיק, איר. פֿעפֿערזיכטיק ־יקייט.
. .

אייסעריק — אַדי [די פֿאָרעם אייפֿריק נר].

דזוו אייפֿערדיק ←. ,,דער סידר עולם איזט
ווען איין זאַך נאָך זוא אייווריג [= אייפֿעריק]
און, וויכטיג איזט,,, גה, ז, 237. [ווען מע
באַגעגנט אין אַן עלטערן טעקסט 'אייפֿריג, — קען
מען אָננעמען אַז ס'איז אייפֿעריק] ,,צדקה צו
געבן מחצית השקל איז אים שווער און, נאָך

אייקאַליפּטוס

קארטין שפּילין זײַנין אייפֿריג זער,,, II הt,
פֿיורדא תפ"ז. ,,די א'ע רבנישע אָפּצאַמערס,
פֿארהיטערס און וועכטערס", מ. וויטיעס פֿאַש,
—
,
III 1950 18. ,,זענען מיר אַזוי א, אויף יעדער
פֿריווילעגיע פֿון אונדזער פֿריסטערטום", אַש,
משה. —יקייט.

-

אייסערן — אוטוו & טרוו. ־ער, געאייפֿערט.
1. זײַן אייפֿערזיכטיק. א, איר צו אים. א, אים
צו איר. 2. זן. אַרויסווײַזן גרויס
איבערגעגעבנקייט, אימפּעט, היץ, ברען. זײַן

ענטוזיאַסטיש. טוו פֿאַר 'קנא'. מלל פֿאַרטײַטשט 'תּחת אַשר קנא לאלהיו, (בּמדבּר, כה, 13): „ גיאײפֿירט“ [תּי: “זיך אָנגענומען„]. לויט קאַל וובֿ: סינאָנים צו צערנען. „מיך האָט זי ניט אָנגעהאַלטן צו פֿרומקייט און נישט געאײפֿערט“,

י. טיגער, דער צדיק און דער בּעל־תּשו ה.

־ער — „עס איז ניטאָ אַזוי ווי אַ גאָט — אַ בּרענעדיקער פֿײַער און אַן א'„, מחזור ח„א, 'שיר היחוד ליום רבֿיעי', פֿפֿדמ 1885. „ ענטפֿערט דער א„: גאָט זאָל העלפֿן אַז די הייליקע נשמה זאָל...„, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָבֿיטש 1898. „אינגיכן האָבֿן די א'ס פֿאַרן קאַטאָליציזם אַרויסגעוויזן זייערע בּאמתע כּוונות“, ימ, איבֿז, שד II .

-

אײסערקייט — דזוו אײפֿער(ד)יקייט. אַרכ. „זײַנן פֿיל לײַט דיא דא האבֿן איר איבֿרקייט צו לייאנן אין טײַטש“, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

-

אייסראַזיע — די, ־ס. (באָטאַניק) דזוו
אויגנטרייסט, 136. נידעריק געוואַקסענער
קרײַטעך (קרובֿ צו 100 אונטערמינים), וואַקסט אין
אייראָפּע און צפֿון אַמעריקע.

-

איי'־צע'ל — די, ־ן. אויך: איי־צעלטל.
איי־קעמערל. „פֿון די מענלעכע פּלאַנצן טרעטן
אַרויס די באַוועגלעכע ספּערמאַטאָזאָאידן...
וועלכע זוכן אויף אין אַ טראָפּן וואַסער די
אומבאַוועגלעכע גרעסערע א'־צ'ן (די ווײַבלעכע
צעלן), דרינגען אין זיי אַרײַן“, א. ש. זאַקס,
דאַס לעבן פֿון פּלאַנצן.

אייקאַליסטוס — דער, ־ן. (באָטאַניק)
הויכער אייביק־גרינער, שטאַרק־צעצווײַגטער בוים,
וואָס זײַן מוטערלאַנד איז אויסטראַליע (קרובֿ
160 אונטערמינים), אַקלימאַטיזירט אין אַלע
וועלטטיילן צוליב
זײַן ווערטיק האָלץ
און וויכטיקע
בײַפּראָדוקטן פֿאַר
אינדוסטריעלע
צוועקן. די א'־ביימער
זאַפּן אײַן די

פֿײַכטקייט פֿון אַרומיקן
באָדן און העלפֿן
טריקענען זומפֿיקע
געגנטן [מיטן
פֿלאַנצן א'־ביימער אין גליל און אַנדערע טיילן פֿון ארץ־ישׂראל האָט מען געהאָלפֿן אויסטריקענען זומפֿן]. „אַ גרויס שטיק פֿעלד, שיין אָפּגעצוימט אַרדם מיט אײַנגעזעצטע... יונגע א'־ביימער„, אַש, דאָס געזאַנג פֿון טאָל. s▯t▯]▯al▯(▯[].

אייקל

אייקל — אופֿן אַרויסרעדן עיקול, אַן אַרעסט, אַ באַשלאַג אויף סחורה, אויף פֿאַרמעגן, כּדי אײַנצומאָנען ח▯בֿות, אַ שטראָף, געלט־התחײַבֿותן. „מע האָט אויף זײַן סחורה אַרויפֿגעלייגט אָן א'„ רייד (וואָ).

אייקלי'ד — אייגננאָמען. באַרימטער גריכישער מאַטעמאַטיקער אין 3. י„ה פּאָצ, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די יסודות פֿון געאָמעטריע. “דער ווילנער גאָון האָט אין זײַן „אַיל משולש, גאָרנישט מחדש געווען, איז אַליין מודה, אַז ער גייט אין א'ס שיטה“, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. ־יש — אַדי. א'ישע געאָמעטריע = אָנגענומענע, אײַנגעשטעלטע געאָמעטריע,

געבויט אויף גלײַכע פֿלאַכן, מיט דער הנחה אַז
פּאַראַלעלע ליניעס טרעפֿן זיך ניט. ניט־א'ישע
געאָמעטריע = געבויט אויף ספֿערישע פֿלאַכן.
איי־קעמערל — דאָס, ־עך. דאָס קעמערל פֿון
אַן איי. „דאָס קעמערל פֿון וועלכן ס'קומט
אַרויס אַ נײַע באַשעפֿעניש רופֿט זיך אָן א,־ק,.
דער גרעסטער רובֿ בעלי־חיים קומען אַרויס
פֿון אַן איי“ פֿגעז, ווילנע 11 1925, No.

אייקען — אוטוו ־קע, געאײַקעט. אַרויס־.

ברענגען דעם קלאַנג (די קלאַנגען) [יײַ]. זי צן,
קרעכצן, אויקען און א'. א, און אָכקען. „וואָס
באַקלאָגסטו זיך? וואָס אײַקעסטו?„.. „
אַרויסגעגעבן פֿון זיך זיפֿצעלעך, די שיינע הוסטעלעך,
געאײַקעט, געאויקעט, ביז די שוויגער האָט זיך
אַרומגעקוקט„, ממוס, ווינטשפֿ. „... האָט
גענומען לויפֿן איבערן שטוב און א'„, שע, אין
שטורס. ־עניש — „[פֿול געמאַכט] די בויד
מיט הוסטעניש, מיט א, פֿון ווייטיק אָדער אַזוי
זיך שוין פֿון רגילות“, ח. ד. גילדענבלאַטט,
אַ רהמ'עלע בעל־עגלה ווילנע 1913.
אייר — אַרכ אופֿן אָנשרײַבן אייער, אָן (←),

איידער. „לאָז דיר דען כתבֿ געבֿן... אבֿר ניט
א, בֿיז דוא מיר פֿאַר דיא כתבֿי, פֿון אים האשׂט
הער גישיקט“, פּראָגבֿ, ז, 7.
אייר — אַרכ. דזוו ער(ע). „זיא שפּראַך דשׂ
קינד זול היישׂן אי כבֿוד. דאַרום דשׂ לײדר
ישׂראל ניט ויל אַיר הוט“, שמואל־בוך, סטראָפֿע
.88
אייר — [אי־יער] <ראָש השנה, ז/א; יח/א אאַ.
אַכטער חודש פֿון ייִדישן יאָר (גערעכנט פֿון
תּשרי) אָדער צווייטער (גערעכנט פֿון ניסן).
האָט 29 טעג, אין זיי צוויי טעג ראָש־חודש.
[י„ד א, פֿאַלט אויס פּסח שני און י„ח — ל“
גבֿעומר. ה, בֿאייר, תּש„ח — פּראָקלאַמירונג פֿון
מדינת־ישׂראל. דער טאָג — יום העצמאות.] זײַן
מזל איז אַן אָקס. אין מלכים א, ו, 1, ווערט א,
אָנגערופֿן זיוו — “זו הוא החודש השני“. „
ראָשחודש א, טרינקט מען דאָס בֿעסטע בֿיר„, שוו
[מאַרצאָווער בֿיר איז דער בֿעסטער]. „אין
שטאָט וואו מען איז געבֿוירן איז נישטאָ קיין
איר“ [ווש: אייר און א י ר , מע דוצט]. „ער
הייסט ניסן און זיצט לעבֿן איר„, (שפּאַסיק)
פֿוול. „געווײנלעך גייט א, נאָך ניסן, אָבֿער
זעסט די אַשה? מײַן ניסן גייט נאָך א▯ר„. „א,
טרינקט זיך אָן דער אָקס“ פֿוול [ווײַל דאָס איז

אָקסן אויף דער פּאַשע און קאָנען טרינקען וויפֿל זיי ווילן.]

אייראַז יע — גנ. קירצונג פֿון אייראָפּעאַזיע, ביידע וועלטטיילן אינאיינעם, דער גאַנצער שטח פֿון אייראָפּע און אַזיע, אויפֿגענומען ווי איין קאָנטינענט. ־יער.

אייראַטאָ'ם — דער. קירצונג: אייראָפּעאישער אַטאָם אָפּמאַך. אָפּמאַך וועגן שותּפֿישן

- אַנטוויקלען אַטאָמישע ענערגיע פֿאַר שלומצוועקן צווישן זעקס אייראָפֿעאישע מדינות. פֿאָר, 1957 II 16.

אייראָמאַ'רק — דער. בא קירצונג פֿון 'אייראָפּעאישער מאַרק,. באַצייכענונג פֿאַר דעם עקאָנאָמישן אָפּמאַך (געשלאָסן אין די פֿופֿציקער יאָרן פֿון 20. י״ה) צווישן זעקס אייראָפֿעאישע מלוכות (פֿראַנקרײַך, איטאַליע, מערבֿדײַטשלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, לוקסעמבורג).

אייראָפּיום — דער. זעלטענער עלעמענט,

מעטאַל. סימבאָל u][. אַטאָמישע וואָג 152.0, נומער אין עלעמענטן־טאַבעלע 63. ספּעקטראָסקאָפּיש אַנטדעקט אין 1896.

אייראָפּע — גג. איינער פֿון די פֿינף קאָנטינענטן פֿונעם ערדקײַלעך, מערבֿדיקע פֿאַרלענגערונג פֿון אַזיע, מיט דעם אוראַלער באַרגרוקן און טײַך אוראַל ווי אַ קאָנווענציאָנעלע גרענעצליניע צווישן ביידע ערדטיילן. א, פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 10,236,000 קוו, קמ'. די באַפֿעלקערונג פֿון א, האָט אין דער מאָדערנער צײַט דורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלן אויפֿשטײַג: פֿון אַן ערך 100 מיליאָן אין 17. י"ה ביז 565 מיליאָן אין l965.

[שוין אין דער תּנכישער צײַט האָבן ייִדן געלעבט אין א', דערעיקר אויף די גריכישע אינדזלען. זינט די ערשטע י"ה אָצ זײַנען געווען ייִדישע קיבוצים אין גריכנלאַנד, רוים, און אין די פּראָווינצן פֿון דער אויסגעברייטערטער רוימישער אימפּעריע.

מיט דעם נצחון פֿון קריסטנטום אין א, אין 4. י"ה ווערט דער מצבֿ פֿון די ייִדן וואָס ווײַטער אַלץ ערגער. עס קומען גזירות, רדיפֿות, איבער אַלן פֿון אַ צעווילדעוועטן המון. די קרייצצוגן זינט סוף 11. י"ה אָן האָבן געמאַכט

אַ סוף צו דער רעלאַטיוו 'רואיקער, עפּאָכע און עס קומען יאָרהונדערטער פֿון בלבולים, רדיפֿות, גירושים און אַפֿילו פֿיזישע אויסראָטונג. שרעקלעך ־איז געווען דאָס יאָר 1348, דאָס יאָר פֿון 'שוואַרצן טויט'.

פֿון די צוויי וויכטיקסטע ייִדישע צענטערס אין מיטלעלטער — שפּאַניע און דײַטשישע לענדער — האָבן זיך אויסגעשטאַלטיקט די צוויי צווײַגן פֿון ייִדישן פֿאָלק: די ספֿרדים און אַשכּנזים, מיט זייערע באַזונדערע מנהגים און טראַדיציעס, מיט זייערע צוויי שפּראַכן: דזשודעזמאָ (לאַדינאָ) און ייִדיש. זינט דעם 16. י"ה איז פּוילן געוואָרן דער וויכטיקסטער ייִדישער צענטער אין א'. אין 19. י"ה איז דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ געווען אין דער רוסלענדישער אימפּעריע, אַ קיבוץ וואָס האָט לויט זײַן צאָל און סאָציאַל־קולטורעלער ענערגיע

אַריבעראײַריש

געשטיגן אַלע אַנדערע צווײַגן פֿונעם ייִדישן □ וועלט־פֿאָלק.

דער חורבן פֿון ייִדישע קיבוצים אין א, אין די יאָרן 1939 —1945 האָט ניט צו זיך קיין

שום פֿאַרגלײַך אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק און אין דער געשיכטע פֿון גענאָסידן בכלל. 6'030,200 ייִדישע לעבנס האָבן די נאַציס אומגעבראַכט אין די קרעמאַטאָריעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פֿון די 9,744,220 ייִדן אין א, אין 1939, זײַנען אין 1950 פֿאַרבליבן 2,790'500. די צאָל ייִדן אין א, אין 1965 (אַרײַנגערעכנט די אײַנגעוואַנדערטע קיין פֿראַנקרײַך פֿון צפֿון אַפֿריקע) איז לערך 3,955,400.]

-

אייראָפּעאיזירן — טרוו. ־זיר, אייראָפּעאיזירט. מאַכן עס זאָל ווערן אייראָפּעאיש, עס זאָל דערגרייכן די הייך פֿון אייראָפֿעאישער קולטורעלקייט. א, די שול־פּראָגראַם. „פּרץ האָט פֿאַרחסידישט דעם ייִדיש, אייראָפּעאיזירט דעם העברעאיש“, בעמ ▯I. מיט ז י ך. ־ונג.

אייראָפּעאיזם — דער, ־ען. דאָס וואָס איז אויף דעם שטייגער, אויף דער קולטורעלער מדרגה פֿון אייראָפּע. אײַנגעגלייבטקייט אַז אייראָפֿע איז דער פֿערפֿעקטער מוסטער פֿון קולטור און ציוויליזאַציע. „ער רעכנט זיך בײַ אונדז פֿאַר דעם פֿאָרשטייער פֿון א'... אָבער זײַן... סענטימענטאַל־ביטערע

שרײַבער", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער .II
איירראָפּעאיש — אַדי. 1. וואָס האָט אַ
שײַכות צו אייראָפּע, וואָס שטאַמט פֿון אייראָפּע.
א'ע צײַטונגען. א'ע מאָדעס. ,,... זיי קענען
אָבער קיינער ניט א'ע שפּראַכן, קענען זיי די
וועלט ניט", קמ, 32 1867, No. "שטעלט אײַך
פֿאָר אַ בילד־שיינעם מענטשן, האַלבֿ־ייִדיש,
האַלבֿ־א, געקליידט,,, שע, 'פֿיר זײַנען מיר
געזעסן'. 2. וואָס איז לויטן שטייגער פֿון
אייראָפּע. א'ע מאַנירן. א'ע האַלטונג. ,,פֿון אַלע
שטעט אין פּוילן איז... לאָדזש... די סאַמע
גרויסשטעטישע, די סאַמע א'ע,,, לע, טמז, 1963
.XI 10 א , ע ר פּ ל אַ ן , אַמ. דערלאַנגען
די געריכטן צום טיש לויט דעם סדר ווי ס'איז
אָנגענומען אין אייראָפּע. זיך לאָזן באַדינען
(אין רעסטאָראַן) לויט דעם א'ן פּ'. —קייט.
אייראָפּעער — דער. מצ דז. וונ ־ין, ־ס.
אײַנוואוינער אָדער אָפּשטאַמיקער פֿון אַ לאַנד אין
אייראָפּע. זיך ניט אויסגרינען און פֿאַרבלײַבן
אַן א,.
איי'־רונדיק — אַדי. וואָס איז קײַלעכדיק

ווי אַן איי. א'־ר'ע שטיינער.
אייריטמ יע — די. בא. <איי <גר. 'גוטע
ריטמיק'. געלונגענער צונויפֿטרעף (
אַראַנזשירונג) פֿון ליניעס, פּראָפּאָרציעס אין אַ
פּלאַסטיש קונסטווערק. אויך בנוגע באַוועגונגען
פֿון קערפֿער מיט מוזיקאַלישן אַקאָמפּאַנירן.
־יק, —יש — אַדי.

אײַריש — אדי. אמ. 1rish: □<. וואָס האָט
אַ שײַכות צו אירלאַנד. אירלענדיש. “ער האָט
חתונה געהאַט מיט אַן א'ער מיידל,,. ,,און

איירישמאַן
־□

פּונקט אַזוי היימיש וואַקסט אויס דער ייִדישער
דערציילער צווישן צוויי א'ע“, יג, תּוך I.

איירישמאַן — דער, □.,,מענער, □,לײַט. אַמ.
־□

lrisbman: □<. אירלענדער. ,,אַ סך
פּאָליסלײַט זײַנען אין ניו־יאָרק א'לײַט“.

איירענען — טרוו. אײַרן, געאײַרנט. אַמ
-

n□]i o□:□<. פּרעסן. ,,איך האָב הײַנט אַ

גאַנצן טאָג געאַרנט“, רייד (נ“י). [דאַס וואָרט
האָבן געניצט נאָר פּרויען ווען הויזאַרבעט.
אין די שעפּער — בלויז פּרעסן. דאָס וואָרט איז
משמעות אַרײַן אין לשון טאַקע כּדי אונטערצו□
שיידן פֿון דער מענערישער אַרבעט בײַ
קליידער.]
איי'רעקאַ — זוו. <איי <גר. 'איך האָב
גע□ונען, □ריידיקער אויסרוף בײַם
אויסגעפֿי.
נען עפּעס, בײַם אַנטדעקן. [דער אויסרוף זאָל
שטאַמען פֿון אַרכימעדן, ווען ער האָט
אויסגעפֿונען אַ מעטאָד צו באַשטימען דעם צומיש צו
גאָלד אין דער קרוין פֿון קיניג פֿון סיראַקוז.]
אייש — (קינדער־לשון) שטולגאַנג.
איישוועמל — דאָס, ־עך. דזוו אייערשוועמל.
„א'עך ווערן אָנגערופֿן יִדישע שוועמלעך, ווײַל
יִדן עסן זיי אַממערסטן“ □געז, ווילנע 932□,
-
,

.No 15
איישישניק — דער, ־עס. פּפֿ:
איישערישניק □ איישעאישניק, פּר <
אשתאישניק. בּ: צעלאָזענער, אויסוואָרף.

אײשע־בעשײשע — פּפֿ: אײשעס־(בּע)־
שײשעס. שפּאָטישער אויסדרוק מיטן בּ:
ס'איז גאָרניט מיט גאָרניט, האָט ניט קײן װערט.
,,לאָז די מאַמע אײַנלײגן דאָס געװעלבּל, זי
מאַכט סײַװיסײַ דאָרט אײשעם־שײשעם, און זײַן
מיט אונדז צוזאַמען,,, אָפּאַ, אַלײן.
אײשע־מײשע — שפּאָטיש װעגן אותות
ומופֿתים, □. 834.
אײשערושניק — דער, ־עס. זידלװאָרט אין
די גענאַרטע װעלט, 1815? קען בּאַטײַטן:
1. זולל־וסובֿא, פֿרעסער. 2. אויסװאָרף,
געמײנער יונג אע <הײשעריק? <אשת־אישניק?
[ניט געפֿונען קײנעם װאָס זאָל דאָס װאָרט
האָבּן געהערט].
איבּא בּינײהו — [א □ קע בּײנײַהו] פֿראַזע. תּח.
>שבּת, לט/א; >פּסחים, סד/ב אאַ. 'ס'איז
פֿאַראַן [אַן אונטערשײד] צװישן זײ'. געניצט מיטן
בּ: ס'איז יאָ דאָ אַ חילוקי־דעות. [װען צװײ
חכמים זײַנען מחולק אין אַ הלכה און ס'איז
ניט גענוג קלאָר דער אונטערשײד אין זײערע
סבֿרות — װערט געפֿרעגט: 'מאַי בּינײַהו?, —
װאָס איז דער חילוק צװישן זײ? — איז דער
ענטפֿער: א, בּ'. דערבּײַ װערט אַרויסגעהויבּן
דער אַנדערשדיקער פֿרט.]

איכא דאָמר — [איקע דעאָמאַר] אויך:
... דאמרי [דעאַמרע] ראַזע. תּח. <חולין,
ג/ב אאַ. 'פֿאַראַן דער (אַזאַ) וואָס זאָגט'.
געניצט מיטן בּ: פֿאַראַן אַן אַנדערער וואָס
דערקלערט די הלכה (די משנה, דעם פּשט) אַנדערש.
פֿאַראַן אַן אַנדער סבֿרה, טייל זאָגן.

1252

איכא ואיכא — [... ווע‎איקע] פֿראַזע. תּח.
'ס'איז דאָ און ס'איז דאָ,. „צוויי האָבּן זיך
אַמאָל געקריגט. איינער האָט געשריִען אַז ער
איז אַ חד בּדרא און דער צווייטער — ער איז
אויך אַ חד בּדרא פֿרעגט מען אים: 'ומי איכּא

.
תּרי חד בּדרא?, [= זײַנען פֿאַראַן צוויי
איינאיינציקע אין איין דור?]. ענטפֿערט ער: 'א, ו':
חד גדיא, חד גדיא!'", יע, דאַווענען, וואַרשע
תרע„ח.
אַיכה — [אַיעקאָ] זוו. <בּראשית, ג, 9. 1. 'וואו
בּיסטו?, — גאָטס רוף צו אָדם־הראשון, ווען

ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן נאָכן עסן פֿון
עץהדעת [פֿונדאַנען האָבן די חכמים געדרונגען,
אַז אַ מענטש זאָל ניט אַרײַנגיין פֿלוצלונג צו
זײַן חבֿר אין הויז און אַפֿילו ניט אין זײַן
אייגענער שטוב. דרך ארץ רבה, פֿרק ה; נידה,
טז/ב]. איך פֿרעג מיך אַלץ נאָך: אַ,
פֿאַר-----
וואָס זעט מען אײַך ניט?“, שע, ט יה. אויך סובֿ
— דער. (ניט) ענטפֿערן אויפֿן אַ, = (ניט) בלײַבן
גלײַכגילטיק אויף אַ מאָראַלישן אַרויסרוף. „איך
בין אַהיים אַוועק און דאָ האָב איך מאָראַליש
יענעם אַ, געהערט“, ייִפֿאָל, 30 1885, No. „וואָלטן
מיר געעפֿנט די אויערן פֿון דער וועלט צו
דערהערן דעם קול אלוקים וואָס רופֿט צום מענטש:
אַ'?“, טמז, 18 1965 I. „דעם ייִדנס פֿאַרצווייפֿלט
געשריי אין געטאָ: אַ,! וואו ביסטו, גאָט!“.
2. שפּאַסיקער נאָמען פֿאַרן קנאָפּ פֿון גאָרגל.
[ווען אָדם־הראשון האָט געהאַלטן אין קײַען די
פֿרי פֿון עץ־הדעת, האָט זיך דערהערט גאָטס
רוף אַ,, און מחמת שרעק איז אָדמען געבליבן
שטעקן אַ שטיקל אין האַלדז, פֿם].
איך — [אַרויסגערעדט אויך: עך, יעך, יאַך]
פּראָ, ערשטע פּערזאָן אצ, נאָמינאַטיוו [

אַקוזאַטיוו — מיך, דאַטיוו — מיר; מצ — מיר].
Mhd: ic . פֿאַרבײַט דעם נאָמען פֿון דעם וואָס רעדט. גענוצט ווען דער וואָס רעדט (שרײַבט) באַציט זיך צו זיך גופֿא. קירצונג — כ', כ'ווייס (ניט), כ'וועל (ניט) קומען. „איך — אני", אבֿ, שמות ד רים, איזנע 1542. „— ווער איז דאָ? — איך, יאַנקל".. „אי'ך זאָל אַזוי לעבֿן!" — בײַם פֿאַרזיכערן אַז עס איז אמת. „איך אַליין האָבֿ דאָס געטאָן". „איך גופֿא בין אין דעם שולדיק".. „איך זאָל אַזוי וויסן פֿון צרות (בייז אע), ווי איך ווייס ניט..."... „ווער בין אי'ך, און ווער זײַנען זיי? איך בין...", [בײַס באַרימען זיך]. „איך מיט דיר זײַנען (זעמיר) ווי (די) אַנדערע צוויי; איך אָן דיר בין אַ בוידעם אָן היי";. „איך בין מיט דיר אַדרבֿא ואַדרבֿא, און דו (ער) מיט מיר איז קידערווידער"; „איך מיט דיר (אים) — כּפֿתּור ופֿרח" [= אין זייער גוטע באַציאונגען]. „איך מיט דיר — (איז) ביילע רוק זיך" [= ווען מיר ביידע זײַנען צוזאַמען, דאַרפֿן מיר קיינעם ניט].
„איך און מעכל פּײַזיק און אַנדערע צוויי דאָקטוירים", [בײַם אָפּלאַכן פֿון עמעצן וואָס שטעלט זיך אַרויס מיט קענטענישן, מיט אויפֿטוען].
„איך נישט פֿויל — קריג איך גאָר (גיט ער

מיר) אַ פּאַטש“ [= ווען עמעצער מישט זיך אַרײַן ניט אין זײַנע עסקים; בײַם אָפּלאַכן פֿון אַ בּאַרימער]. „איך קום פֿריִער, דערנאָך און

איך בּעט אײַר

שפּעטער אויך„ [בּײַם כאַראַקטעריזירן אַן עגאָאיסט]. „איך און מײַנע שיך“, „איך און מאַן שיך“ [פּד, אוקר] — ווער עס בּעט נאָר וועגן זיך, געוואָרן פּאָפּולער אין געטאָס אונטער די נאַציס.

„איך צו דיר ווי דו צו מיר“; „אַז איך וועל זײַן ווי יענער — ווער וועט זײַן ווי איך?“; „אַז איך בּין איך — בּין איך, חוץ גאָט קען מיך (קיינער) ניט אַוועקמאַכן„; “איך און מײַנע, ער און זײַנע — דאָס איז סדום“; „אַ הון איז גוט צו עסן זאַלבּענאַנד (זאַלבּעצווייט); איך און די הון„; „וואָס איך ניט ווייס מאַכט מיך ניט הייס„; „זאָל משיח קומען, נאָר איך זאָל ניט זײַן דערבּײַ“ [= מורא פֿאַר חבֿלי־משיח, גרויסע שינוייִם]; „איך אַליין — דאָס איז טרוקן ווי אַ בּיין“; „נאָר גאָטס געבּאָט קען זיך אָנהייבּן מיט איך“, שוו. „אוי אַבּראַם, איך קען אָן דיר ניט זײַן. איך אָן דיר און דו אָן מיר, זײַנען

בײדע װי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר“, פֿל.
סובּ — דער, ־ן. פּערזענלעכקײט,
באַזונדערקײט, סכום אײגנשאַפֿטן פֿון כאַראַקטער.
אינדיװיד, עגאָ. דער אײגענער א'. אַ פֿרעמדער
א'. די אײבּערפֿלאַך (טיפֿענישן) פֿון דעם א'.
פֿאַרבּאָרגענער (פֿאַרהוילענער, העכערער) א'.
דאָס א'־געפֿיל. דאָס באַוואוסטזײַן פֿון אַן א'.
דעם פֿאָלקס א'. זיך לאָזן פֿירן פֿון אַ צווייטנס
א'. א'־אינטערעסן. א'־שטאַנדפּונקט. „יעדערער
איז בײַ זיך אַן א',„ שוו. „מע דאַרף
אַרויסרײַסן פֿון זיך דעם פֿאַרבּאָרגענעם גנבֿ — דעם
אײגענעם א',„ ר, מענדל קאָצקער. „דער
אײגענער א', דער אַני איז רחמנא־לצלן דוחק רגלי
השכינה... מיט וואָס איז דער א, פֿונעם בלעטל
קלענער פֿאַר דײַן א,?“, לדבֿ, נ„י 1957. „די
אָרגאַניזאַציע נעמט צו פֿון יחיד אַלע זײַנע
פֿעאיקייטן, ער מוז... מקריבֿ זײַן זײַן גאַנצע
א'־וועלט,„ מוו דער וועג צו אונדזער יוגנט
„וואָס קען טאָן אין גן־עדן דער א, פֿון דעם
מענטשן?“, ימ, נײַס 1923. „.... קעגן די א'ן
וואָס פֿאַרפֿלייצן די דיכטונג,„ אי פֿעפֿער, די
.
אויפֿגאַבעס פֿון דער יִדישער פּראָלעטאַרישער
ליטעראַטור..., קיִעוו 1932. “אַלע ליכטן

בלאָלען, טונקלען, אָלע א'ן ווערן דוען,,, סוצ,
וואַלדיקס. "מײַן א'ס פּאַרגאַנגען־ווײַטע שפּורן,,,
לע, !אַבּיוס לינד.
איכעלע, איכינקע, איכיטשקע —
פּאַרצויגענע פֿאָרמען פֿון איך, געניצט מיט
ביטול. ,,אַ טאָג פֿאַסטן מיינט אָנטאַפּן דעם
קליינינקן... הונגעריקן א'עלע,,, ח. גוטמאַן
(לעבּעדיקער), אין זבּ, די שטימע פֿון טאָל, נ"י
1940. ,,די טבֿע פֿונעם דיכטער איז שטענדיק
צו קיצלען זײַן קליין א'עלע,,, א. שטיינמאַן,
היימיש אַפּריל־מײַ 1961.
איך בּעט אײַך,... דיך — [אַרויסגערעדט:
כבּעטעך, כבּעטאַך] פּראַזע זוו פֿטמ בּײַם

איידעלן בּעטן עפּעס, בּײַם פֿרעגן. ,,זאָגט מיר,
א, בּ, א,, ווי קומט מען קיין...,,. ,,א, בּ, א',
ר, ייִד, שטופּט זיך ניט". ,,הלמאַי, א, בּ, ד',
האָסטו געזאָגט אָז...,,. "א, בּ, א', עס וואָלט
עפּעס שיין געווען מע זאָל אַ גוטן ייִדן
אײַנזעצן?", קמ, 1868, No 12. ,,צו וואָס, א, בּ, ד,,

איכה

דאָס אײַנשפּאַנען זיך און דאָס אויסשפּאַנען
זיך?,,, ממוס, 'אַ גרויע האָר'.
איכה — [אייכאָ] 1. איינע פֿון די פֿינף מגילות
אין כּתובים. מע לייענט א, אום תּשעה־בּאָבֿ.
דער נאָמען איז פֿון ערשטן וואָרט ,איכה, [
גאַנצע פֿראַזע: 'א, ישבֿה בּדד, — וו אַזוי איז
י
געבליבּן זיצן אַליין (די שטאָט)]. א, האָט פֿינף
קאַפּיטלעך; א, בּ, ד באַשטייען פֿון 22 פּסוקים,
וואָס הייבּן זיך אָן מיט אַן אות לויטן סדר פֿון
אַלף־בּית. קאַפֿיטל ג — 66 פֿסוקים — לויטן
דרײַפֿאַכיקן איבּערחזרן יעדן אות. קאַפּיטל ה —
22 פּסוקים — אָן דעם א,,בּ־סדר. ס'איז אַ
זאַמלונג קלאָגלידער (קינו) אויפֿן חורבּן
ביתראשון. [די מסורה איז מייחס א, צו ירמיה
הנבֿיא בּבֿא בּתרא, טו/א; די בּעלי־קבּלה דײַטן
,
אָן אין וואָרט א, י, כ, ה, אויף אַ נוטריקון:
א, — דער איינאונאיינציקער גאָט, י, — די
עשׂרת הדיבּרות, כ, — בּרית־מילה וואָס איז
געגעבּן געוואָרן דעם צוואַנציקסטן דור (
אַבֿרהמן), ה, — די חמשה חומשי־תּורה. ווײַל
ייִדן האָבּן געלייקנט אין די פֿיר מצוות זײַנען
זיי סאַרטריבּן געוואָרן, איכה רבּה, א, א.] [שוין

-

ר, יהודה הנשׂיא האָט זיך נוֹהג געווען צו
לייענען א, תּשעה־באָבֿ (חגיגה, ה/ב) פֿאַראַן
קהי.
לות וואו מע לייענט אין אָוונט (אויך מיטן
מאָטיוו אַז אין דער פֿינצטערניש הערט זיך בע־
סער דאָס געוויין) און אין אַ טייל מקומות
אינדערפֿרי. דער חזן זאָגט 'בּרוך דיין אמת,,
שיט אַש אויפֿן קאָפּ, אויבֿ ער קאָן פֿאַרטײַטשן
איז גוט, אלא ניט, זאָל אַן אַנדערער עס טאָן,
כּדי דער ע לם זאָל פֿאַרשטיין. מע רײַסט
קריעה, מע זיצט אויף דער ערד אָדער אויף
נידעריקע בענקלעך, מע זאָגט ניט שלום, מסכת
סופֿרים, פּרק יח, הלכות ד, און ז']. ל י י ע ־
נ ע ן א'. ז אָ ג ן א'. ,,אַן תּשעה־באבֿ זאָל
מען ניש פֿרגעשׂין צו זאָגן א, און קינות מיט
טרויאירן אונ, קלאָגן,,, ספֿר המנהגים, אַמשט,
1723. ,,א, — ווי אַזוי מײַן ליבסטע פֿון מײַן
נפֿש... וואוהין ביסטו געגאַנגען פֿאַרטריבן
גע,
וואָרן?“, נוצ. א,־מאָטיוו. א'־ניגון. א'־מענטש =
שוואַרצזעער, מרה־שחוֹרהניק; א'־בּלעטלעך —
,,ווײַל וואָס איז אויף אײַך די גדולה? נור

אינגאַנצן זיך אַרומוויקלען מיט א,־בּ, איז אויך
ניט מעגלעך,,, יוסף גראַבּ'ס געזאַמעלטע
שריפֿטען, ווין 1919.

2. די. מצ ־ס. געוויין, יאָמער, קלאָג. א,־רייד.
א,־קלאַנגען. א'־ליד. די נײַע א'ס. ,,מיט האַרבּן
זאַלץ פֿון טרערן פֿון די אַלטע א'ס", מל. ,,צי
זיץ איך ניט מיט אַש בּאַשאָטן אין אַ גרובּ
און יאָמער ניט דעם יאָמער פֿונעם א,־נבֿיא?,,,
הל, אין טרעבּלינקע.... "ס'איז מער ווי
טראַגיש: די וואָס לייענען א, וועגן אַמאָליקן חורבּן
ווייסן נישט און קענען נישט די א'ס פֿון
איצטיקן חורבּן,,, א גאָלאָמבּ, צוק פֿעבּ, 1965.

,

3. צרה, אומגליק, פּורענות. מיי. "אַ סך
ליטווישע דײַנעס דערמאָנען דעם טרויער פֿון
די איכהס און דעם אומעט פֿון די ייִדישע
פֿאָלקסלידער,,, ליטע, העפֿט 2, ווילנע 1919. ,,דאָ
איז אַן א',,, טענדלאַו 638.

־דיק — אַדי. וואָס איז שייו (ענלעך) צו

איכה. אַן א, געזאַנג. אַן א'ער צושטאַנד. ,,
דערפֿאַר אָבער ווייס גאָר די וועלט וואָס ירמיהו

-

האָט געזונגען אין זײַן א'ן קלאָג,,, הל. ,,זאָלן
מיר ניט הערן ווי די תּורה הקדושה צעגיסט
איר א'ע קלאָגן איבער דער גאַנצער וועלט?“,
הר□ משה חיים לוויא, אומער ווידוי, לובלין
1934. ־דיקייט.
איכה אשׂא לבֿדי — [... עסאָ לעוואַדי] זאַץ.
תּח. <□רים, א, 12. ,ווי קען איך אַליין
טראָגן, [צווייטע העלפֿט פֿון פּסוק: 'טרחכם
ומשׂאכם ור□בֿכם, — ,,אײַער שווערקייט און
אײַער לאַסט און אײַער קריגער,,, תּי. פֿון משה
רבֿינוס רייד צום פֿאָלק ווען אויסקלײַבן
הויפּטלײַט, ריכטערס]. געניצט פֿון אַ מנהיג, אַ רבֿ
אע בײַם ווענדן זיך צו קריגן אַרויסהעלפֿערס.
אויך: אויסדרוק פֿון באַקלאָגן זיך אויף דער
אַליינקייט מצד אַ שעפֿערישן מענטשן. “א, א,
ל'... דאָס איז דער גורל, די משׂא און די
שליחות פֿון יעדן עכטן מנהיג,,, ה. זײַדמאַן,
טמז, □ □22 □19 II.
איכהייט — די, ־ן. 1. אייגנשאַפֿט פֿון
באַזונדערן איך. יחידישקייט. ,,די באַשאַפֿונג פֿון
א, פֿון זעלבסטהייט...“, אַבֿאָ גאָרדין, אידישע

עטיק. 2. איינקייט, איינסקייט פֿון דעם וואָס איז אָנוֹכיש. „דער רעיון מכּוֹח דער אידענטיטעט פֿון ה, און ישׂראל אַלס אַ פֿאַרקערפֿערונג פֿון א', ווען זיי זײַנען פֿאַראייניקט“, בּ ריווקין, אַ גלויבּן פֿאַר אומגלויבּיקע.

-

איכה ישבה בדד — [אייכאָ יאָשוואָ באָדאָד] ← איכה, אויך געניצט ווי אַן אויסדרוק פֿון קלאָג, פֿון באַדויער. א, י, בּ, די וויסטע אַלמנה? "דער ווינט פֿאַרטראָגט מײַן שטום געזאַנג אויף זײַנע פֿליגל. וואו איז דײַן היים? א, י, בּ, האַם" (האָאיים — די מאַמע), [פּאַראַפֿראַזירט פֿון 'א, י, בּ, העיר] מאיר שטיקער, טמז, 1964 3.

איכהן — [אייכען] אוטוו. איכה, געאיכהט. לאָקל (ווילקאָמיר). קלאָגן, יאָמערן. ניצן אַ סך רייד בּײַם אויסדריקן טרויער. „ער איכהט און ער קלאָגט„.

איכה רבּתי — [אייכאָ ראַבּאָסי] 'די גרויסע א". נאָמען פֿון מדרש אויף מגילת־איכה. [אויך: איכה רבּה, אַגדת־איכה, מדרש קינות, רשי,

יחזקאל, יב, 3.] א, ר, געהערט צו די עלטסטע
ספֿרים אין דער דרוש־ליטעראַטור, איז
איַינגעטיילט אין צוויי חלקים: א) אַ ציקל פֿון 34
מאמרים וואָס טיַיטשן אויס די פּסוקים אין
איכה; בּ) דער מדרש גופֿא פֿינף פֿרשות

מיט אַגדות און דרשות, וואו עס ווערט
געשילדערט דער גלאַנץ פֿון ירושלים און דער חורבּן,
אויך געדאַנקען וועגן שׂכר ועוֹנש, ישׂראל צווישן
די אומות, גלות און גאולה. [חורבּן בּית־ראשון
און בּית־שני ווערן אויפֿגענומען ווי אַ שטראָף
פֿאַרן עוֹבֿר זיַין אויף דער תּורה. דער שׂונא
איז אַ רוט אין די הענט ◻ון דער השגחה. די
כּוונה איז צו לינדערן דעם רעליגיעז־מאָראַלישן
קריזיס און היילן די וואונדן פֿונעם פֿאָלק.]
איך ווייס — 1 ◻ מיט אַ פֿרעג־אינטאָנאַציע.
אָפֿטער אַריַינשטעל אין אַ שמועס, בּיַים דערציילן

איכטיאָזאַווער

(בּיַים אויסדריקן אַ ספֿק). 2. אין פֿאַרבּינדונג
מיט: אַליין ניט, אַליין ניט וואָס (ווי). „א, וו,
אַליין ניט ווי דאָס איז געשען ◻. „א, וו אָליין

,
ניט וואָס ער וויל פֿון מיר‚,. אויך סוב. ‚‚אַז ער וואָלט נאָר קאָנען רוסיש רעדן, וואָלט ער געוויס געווען אָן א'־וו'־אַליין־ניט־וואָס... וואָרעם ער האָט אַ גמרא־קעפּל“, מ. א. שאַצקעס, ‚‚בילדער פֿון דער ליטא‚,, יוד, פֿאָלקסביבליאָטעק, קיִעוו 1888.

איכות — [אייכוס] די, ־ן. <אמונות ודעות לר, סעדיה גאָון, מאמר ב; הכּוזרי, מאמר רבֿיעי, כה. 1. קוואַליטעט. זוכן א'. געפֿינען א'. גרויס אין א', כאָטש קליין אין כּמות. “בּהדרגה שטאַרבּט אויס דער אָפּגעריסענער צווײַג ▯וי קראָים] פֿון דער ייִדישער אומה אין כּמות און אין א‚,,, דר, י. בּרוצקום, ייִבּל XIII, 1־2. ‚‚זײַן בּוך... איז וואָס שייך א, אַן ערשטלינג־בּוך‚,, ש. בּיקל, שרײַבּער פֿון מײַן דור I. ‚‚דרײַ דוׂרות מיט אַזוי פֿיל ליטעראַרישע אויפֿטוען און דערצו נאָך פֿון אַזאַ הויכער א'“, ימ, קוד, אָקט, 1964.

2. גײַסטיקער פּרצוף־פּנים. תּמצית, עצם, מהות. ‚‚,... געפֿינט זיך אַ שטעטל [וואָס] פֿיר▯ז זיך אין א, ווי אַלע ליטווישע שטעטלעך‚,, ייִפֿאָל, 34 ,1887 No. ‚‚דער יונגערמאַן קוקט אויף מיר... נאָר איך ווייס נישט, צי וויל ער וויסן

מײַן במות צי מײַן א',,, ש. בּרעגמאַן, דורך
קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1932.
3. רוחניות, איידלקייט. ,,זעסט אַ צאַרטקייט,
אַן א אָן אַ כמות, קיין טראָפּן בּלוט אין די

ליפּן,,, פרץ, לידער און פּאָעמען. א,־ו ו אָ ר ט
— בּיר, נעאָל פֿאַר אַדיעקטיוו.
־דיק — אַדי. קוואַליטאַטיוו. ,,לויטן כּמות
איז עס אַ קליין ספֿרל, אָבּער א, איז עס מלא
וגדוש,,. ,,תּוהו איז אַן ▯ער ריבּוי,,, לדבֿ, נ,,י
תשי,,ז, קפּב. ־דיקייט.
איכט — אוקר. דזוו יוכט. א'־לעדער.
איכטום — דאָס. נעאָל. סכום אייגנשאַפֿטן פֿון
אַן איך. קאָלעקטיוו פֿון איכן. ,,דער לייטער
צום א,“, מאַטעס דײַטש.
איכטיאָ▯גראַפֿיע — די. בּא. >איי >גר.
בּאַשרײַבּונג פֿון פֿיש ־גראַ▯, דער — ווער
עס בּאַשרײַבּט (דאָס לעבּן פֿון) פֿיש.
איכט אָ'ז — דער. בּא. 'פֿישקרענק'.
אײַנגעי

בּוירענע הויטקראַנקייט; אויסשיט אויף דער
הויט, ענלעך צו שופּן פֿון פֿיש.

איכט אָזאַווער — דער, ־ס. <איי <גר.
י
‚פֿיש־יאַשטשערקע'. אויסגעשטאָרבענער מין

רעפּטיליע פֿון פֿאַרהיסטאָרישע צײַטן (פֿון דער מעסאָזאָאישער געאָלאָגישער עפּאָכע). אַן אומגעהײַער פֿון אַ 10 — 12 מעטער די לענג; האָט געהאַט אַן אומפּראָפּאָרציאָנעל לאַנגן שנאָבל מיט אַ סך שאַרפֿע ציין. אָפּדרוקן פֿון א, האָט מען געפֿונען אין טיפֿע שיכטן פֿון קרײַד. ‚‚מיר'ן

איכטיאָ'ל

זײַן א'ס פֿון דער נײַער וועלט־געשיכטע“, ע□
□ינינבערג, די קריגן דויערן, קיִעוו 1930.
.1eh□hyosaurus ((1ua(]risc□issus)
איכט אָ'ל — דער, ־ן. <איי <גר. םישאייל
י
(רוי אָדער דיסטילירט) געניצט בײַם באַהאַנדלען
פֿאַרשיידענע הויטקראַנקייטן. ‚‚מאַסירן די

אַפּגעפֿרוירענע טיילן... מיט א', יאָד אאַ, לויט
דער צושריפֿט פֿון אַ דאָקטער,, פֿגעז, ווילנע

,

.No ,1929 1

איכטיאָ‎לאָגיע — די. בא. וויסנשאַפֿס וועגן
פֿיש, באַשרײַבונג און אויספֿאָרשונג פֿון
כלערליי מינים פֿיש. ־לאָ'ג, דער — ווער עס
איז אַ ספּעצ אַליסט אין איכטיאָלאָגיע ־
לאָי .

גיש. ־ליט, דער — פֿאַרשטיינערטער פּ‎ש.

.Mhd: ih‎esih‎, ic1‎t‎i‎ .אַרכ — .‎איכטשעם

ע‎עס וואָס, וואָס ניט ‎יז. "באַס יונג‎ ווײַבר
טראגין אונ, זעהן... וואשׂ דבֿר מאכל איזט,
אונ, זיא נור איכטשים איין גידאַנקין דרויף
האבין — זולין זיא... דארפֿון עסין,,, ,,וועז
מיר איכט ש וס וואשׂ ביזונירליכישׂ גיהאַט
האָט... האָט מאַן מיך מיט אויז גילאַכט",

.300 ‎ 185 גה

איכ יזם — דער, ־ען. אײַנשטעל
אַרויסצושטעלן תּמיד דעם אייגענעם איך. דאָס
אײַנשליסן זיך אין אייגענעם איך. עגאָאיזם. ,,זיי
שלעפּן קיינעם מיט זיך ניט מיט אַחוץ דאָס
ביסל א'", נאַד. א'יסט — ,,אונדזערע

שרייַבערס, די א'ן און אינדיווידואַליסטן,,.. א'
יסטיש — אַדי פֿאַרשליסט זיך אין זײַן וועלט
. ,,
פֿון א'ע געדאַנקען און געפֿילן‘‘, שלמה ביקל,
גק, No 48.
איכיק — אַדי.   וואָס איז שייך צום איך. וואָס
קומט פֿון דעם איך. א'ער שורש. א'ע
שטראָמען. ‘‘טראָגט רואיק אַ שטים זיך אַריבער,
ניט־א', ניט־דאָאיק‘‘, סוצ, וואַלדיקס. ־יקייט
— ,,מע האָט דאָ ניט ליב קיין אַנדערשקייט,
אייגנאַרטיקייט... קיין א'‘‘, ירדני, וואָכנבלאַט,
נ,,י, 1953 II ו 31.
איכיש — אַדי.   וואָס איז אַזוי ווי דער איך.
סוביעקטיוו. פערזענלעך. ,,אין קלאַס ב
פֿאָרבלייַכט די קאָמפּאָזיציע אַן א'ע, ד‘‘ה די טעמעס
זײַנען פֿון קינדס אייגענעם לעבן,,, ימ, קוד,
1938. ,,ניטאָ קיין פֿרעמדקייט, אַלץ איז א'‘‘,
סוצ, וואַלדיקס.   ־קייט — ,,אָן א, איז ניט
שייך ליריק,,,.
איכל — אַן אופֿן אַרויסרעדן דעם נאָמען
(י)חיאל.
איכ'ל — איך וועל. לאָז מיר, איכ'ל גיין, איכ'ל
טאָן.
איכלאָז — אַדי. וואָס האָט ניט קיין איד. וואָס

דאָרט איז קיין איך ניטאָ. „ווי קום איך אין
אַזאַ א'ער וועלט און וואָס טו איך אין איר?„,,
גרינ, מענטשן און ווערטן.

איך להתנהג — [אײַך לעהיסנאַהיי□] פּראַזע.
תּח. צבֿ.   ווי זיך נוֹהג צו זײַן, ווי זיך
אויפֿצופֿירן. „אַלע דינים... וועלן מיר בקרו□ בֿ
אַרויסגעבֿן אויף פּראָסט ייִדיש... כּדי
איטלעכער ייִד זאָל וויסן א, ל"", קמ, 13 1863, No.

איך־ליג־שוין □. לאָקל, פּילווישיק, ליטע.
צונאָמען פֿאַר יעדער ייִנגל וואָס לאָזט זיך שמײַסן
פֿון רבין אָן שום פּראָטעסט.

איכן — אוטוו. נעאָל.   זײַן (ווערן) אַן איך.
אַרויסווײַזן דעם איך. „און ס'קריכט צו אים אַן
איך וואָס הייכט און איבט, און אָט־אַט־אָט
בּאַר□רט ער שרין דאָס ליכט", סוצ, וואלדיקס.

איכנאָ□גראַפֿיע — די. בּא <איי <גר.
האָריזאָנטאַלע צייכענונג פֿון אַ בּנין. ־
גראַ□יש — אַדי   ־לאָגיע — שטודיע □ון
סי□
מנים פֿון פֿאַרשטיינערטע פֿוסטריט   —לי'ט,

.

דער — שטיין מיט אַן אָפּדרוק פֿון אַ פֿוסטריט

(פֿון אַ לאַנג־פֿאַרשוואונדענעם בעל־חי).
איכנ אָק — דער, ־עס. ← אוכניאָק.
י

איכניי אָ'ן — דער, ־ס. (זאָאָלאָגיע) ווילדע וויזעלע פֿון אַפֿריקאַנער קאָנטינענט, אויך אין דרום אַזיע און אויך אין דרום־שפּאַניע. האָט אַ
־

גרוי פֿעלכל מיט

לאַנגע האַרטע
האָר; דער קאָפּ
און דער
לאַנגער עק זײַנען
שוואַרץ, די

פֿיסלעך — רויטלעך. דערנערט זיך מיט קליינע בעלי־חיים, מיט ראַצן, מײַז, שלאַנגען און מיט קראָקאָדיל־אייער. מחמת איר נוציקייט געווען פֿאַרהייליקט אין אַנטיקן מצרים און געהאַט דעם צונאָמען 'פּרעהס מויז'. „און די חיה וואָס זי הייסט א, עטט אויך אַ סך אייער“, ראשית

למודים, לבֿוב 1 1862.s e e]e[,mon hne.
איכניימאָן־פֿליג — די, ־ן פֿליג, אַ ביסל
.
ענלעך צו אַ בין, פֿון

דער גרויסער פֿאַמיליע

איכניימאָנידן — ־ן][1c

מיט — neumon ()]a(

טדיזנטער אונטערמינים.

צעשטערט די אייעלעך

פֿון שעדלעכע

אינזעקטן און ברענגט דערמיט

נוצן די פֿעלדער און גערטנער.

איכניק — דער, ־עס, נעאָל, מאַטעס דײַטש.

(מיט בײַטעם פֿון ביטול) ווער עס שטעלט תּמיד

אַרויס דעם איך. ווער עס זאָגט שטענדיק: איך,

איך

איכ'ס — אַנשטאָט איד עס [פּראָ]. אָט אין

אַלטער ליטעראַטור, אויסגעלי גט איכש. „האָב

איכשׂ מיט מײַנר האַנד איבּר שריבּן“, “צום

דריטן מאָל וויל איכשׂ זעלבּרט בּויאן“, שעריר,

לא, 3. „און, דז איכשׂ הייש בּרנט שפּיגל דרום

דז..„„ בּראַנט. „דשׂ איז מצות ציצית — וויל

איכשׂ תּיכּף טאָן„„ ספֿר חסידים, תק„ז?

איכע — דזוו איך, געניצט זעלבּשטענדיק, ווי

אַ זאַץ פֿאַר זיך. „־־— ווער ועט גיין? — א'„.

“אין וואַרשע רעדט מען יאַך און אין קאָליש

איכע“, י. מ. ניימאַן „זײַנע רײַכע עלטערן האָבּן

אַמאָל געוואוינט אין קאָלישער געגנט וואו ייִדן
ריידן בּלשון איכע, מיכע, כאַפּט דער ריכע און
מיינען אַז עס איז דײַטש“, זש, טמז, 1962 III 17.

אַילה

„איכער, דיכער, אַבּי גיכער“ פֿוול [= צי איך

זאָל עס טאָן, צי דו זאָלסט עס טאָן...].

איכשאַסט — די. מצ נבֿ. נעאָל. אייגנשאַפֿט
פֿון זײַן איך. אָ, האַרבּסטיקער, וועלטישער
א'־קאַטאָ ועס“, מאַטעס דײַטש, ליטעראַרישע
זאַמלונגען II, שיקאַגאָ 1944.

איך שהוא — [אייו שעהו'] פֿראַזע. תּח.
1. „ווי עס זאָל ניט זײַן', וואָס עס זאָל ניט
פּאַסירן, ווי עס זאָל זיך ניט מאַכן, אַזוי צי

אַזוי. „א, ש', צי דער טאָפּ פֿאַלט אויפֿן שטיין, צי דער שטיין פֿאַלט אויפֿן טאָפּ — ווערט דער טאָפּ עבֿראָכן“ וול. [אויפֿן סמך פֿון: נפֿלה
,
כּיפֿא על קידרא..., אסתּר רבּה, ז.]

2. ווי ניט איז, ווי עס איז. “דער פּליט האָט זיך א, ש, צוגעפּאַסט צו די נײַע אומשטאַנדן פֿונעם לאַנד“.

איך שהיה — [... שעהאָיאָ] פֿראַזע. ווי עס איז געווען, ווי עס האָט פּאַסירט. „איך וועל אײַך פֿאַרציילן אַלץ, טאַקע א, ש'“.

איך שיהיה — [... שעיִ'היע] פֿראַזע

וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, דפֿוו. „א, ש, קום מאָרגן אין שול אַזייגער אַכט“, ייִפֿאָל, 1888, No 13־14. „נאָר א, ש, — אַז לערנען אין חדר נישט,,, שע, מאַריענבאַד.

אַיל — [אַיִל] דער. מצ נבֿ. <בּראשית, כב, 13 אאַ. ווידער, בּאַראַן, וואָס אַבֿרהם האָט מקריבֿ געווען אויף דער עקידה אַנשטאָט יצחקן. פֿיג.

קרבן־פֿאַרבײַטער, אַן אומשולדיקער אויסלייזער
פֿון אַן אַנדער אומשולדיקן קרבן. „דו ליגסט
אויף די עקידה־שטיינער... דו פֿרעגסט ניט
אַוואו איז דער אַ'„ הל, אין טרעבלינקע....

א□לאַ'נג־אילאַ'נג — דער, ־ס. (באָטאַניק)
בוים פֿון דרום אַזיע און אינדזל מאַדאַגאַסקאַר.
-
די גרינלעך־געלע בלומען ווערן געניצט אין דער
□פֿאַבריקאַציע פֿון פּאַרפֿום. □1□[o(lo□a נ□nan□).

אילאַנד — [אַרויסגערעדט: איילאַנד] דאָס, מצ□
אַרכ פֿון האָלענדיש: ilan(1□][. אינדזל. „ער
□
בפֿעהלט דשׂ מן זאָל נעמן פֿיר טוזינט יונגן
□ון דיא יהודים דיא אין רומא וואַרן, און זאָל
זיי שיקן נאָך דאשׂ אילאנד סאַרדיניא“, שאַר.

אילגאַ־ — □il: □ □ □ □.. אָנהייב פֿון עטלעכע
פֿעיאָ ווערטער אין לשון פֿון קאַראַבעלניקעס
אין דער ליטע. א'אָ'דעגיס —
לאַנגווײדלדיקער, גרויסער נאַר; א'לעז□וויס — ווער עס
האָט אַ לאַנגע צונג, פּלאַפּלער; א'נאָגיס —
לאַנגפֿיסיקער, גנבֿ; א'נאָסרס —
לאַנגנאָזיקער, ודער עס שטעקט אומעטום אַרײַן די נאָז;

א'סנאַפּיס — לאַנגשנאָבלדיקער, פּלאַפּלער, אויך פֿרעסער; א'פּירסטיס —

לאַנגפֿינגערדיקער, גנבֿ. א'קאָאיס (il□ak□]is) —

לאָנ□ פֿיסיקער. א'קאַקליס (il□ak□k1is)—

לאַנגהאַלדזיקער. די לעצטע צו□ יִי ווערטער אין לשון פֿון פֿערדהענדלער, געניצט וועגן פֿערד לשבֿח.

איל־דע־פֿראַ'נס — גג. פֿראָווינץ אין צענטראַל־פֿראַנקרײַך, מיט פּאַריז אין צענטער.

אַילה — [אַיאָלאָ(־לע)] די. מצ נבֿ. תּח. > בּראשית, מט, 21. דזוו אַילת. אינדין, הינדין.

אילך □

פֿיג. כּנסת־ישׂראל. „און הײַנט זיצן זיי אַנטפֿלעקט אויף די גאַסן און אויף די מאַרקן — מײַן אַ',„ נוצ, זשיטאָמיר תּרכ„ג.

אילו — קאָנ. >אסתּר, ז, 4; בּרכות, טז/א אאַ. אויבֿ, ווען. „א, ווען דו זאָלסט שוין מער ניט שענקען ווי עס קאָסט דיר אָפּ דײַן טאָכטערס טאַנצמײַסטער — איז מיר אויך דיינו“, ייִפֿאָל, 5 1885, No.

אילוזאָריש — אַדי. 1. וואָס איז פֿון אַן

(האָט אַ שײַכות צו, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר)
אילוזיע. לעבן מיט א'ע געשעפֿטן ווי אַ
מנחםמענדל. „אויך בײַם לעבן קען זיך טרעפֿן, אַז
איינעמס נשמה זאָל זיך... אַרויסרײַסן פֿון
די א'ע נעצן און אַרײַנבליקן אין דעם ריינעם,
רוחניותדיקן וועלט־זײַן„, זשיט I, נ„י 1912.
„דאָס געווינס פֿון רויב איז ריין־א„... דער
פֿאלקס אָרגאַניזם ווערט אויפֿגעפֿרעסן פֿון

אַזעל

כע פּראָפֿיטן„, גרינ, איד און וועלט. "אין דער
קונסט און אין דער ליטעראַטור איז נאָך
שווערער..., נאָך א'ער צו וועלן אויפֿכאַפּן אַ
געשעעניש און עס צו פֿאַרפֿיקסירן על־פּי לוח„,
ש. ביקל, שרײַבער פֿון מ יִן דור 2 .I.
וויזיאָנעריש פֿאַנטאַסטיש. א'ע וועלטן ־קייט.

אילוזיאָ'ן — די, ־ען. <איי <פֿר. 1. דזוו
אילוזיע. "און איר ציטערט ווי א'־בילדער, דאָס
אויג ווערט מיד און אָנצונעמען איז נישטאָ
וואָס", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „און אַליין

טו איך זיך אויס פֿון מײַן נאָמען, אַליין ווער
איך — א',,, הל. 2. באַצייכענונג פֿאַר
קינאָטעאַטער אין ערשטן פעריאָד פֿון זײַן אויפֿקום.
גיין אין א'. ,,וואָלט איר געיוען אַ בעלן
אַרײַנצוגיין דאָ אין א'?,,, אַר, 'די באַגעגעניש'.
״שפעטער, נאָכן טשאָלנט, איז מען געגאָנגען
אין קינעמאַטאָגראַף, אָדער ווי מע האָט
דאַמאָלסט גערופֿן אין וואַרשע א',,, באַש, פֿאָר,
1□19 □ 13.

אילוז אָנ□יזם — דער. שיטה וואָס האַלט אַז
'

די אָנזעעוודיקעווירקלעכקייט, אַז די
מאַטעריעלע וועלט איז נאָר אַ דאַכטעניש, אַ דמיון.
־ימט.

אילוז□יע — די, ־ס. <איי <פּר <ל. '
פֿאַרבלענדונג'. 1. פֿאַלשע פֿערצעפציע.
פֿאַרפֿירערישער אײַנדרוק פֿון איינעם פֿון די חושים,
ספעצ
פֿון זע־חוש. די אָפּטישע א אַז a איז לענגער ווי b.

,

די א אַז די זיצנדיקע וואַקס־פֿיגור איז אַ

,

לעבעדיקער מענטש. אויסשפּריצן פּאַרפֿום
און שאַפֿן די א אַז מען איז אין אַ

,

גאָרטן מיט בלומען. די א, אַז אַ גלײַכער שטעקן
איז אין וואַסער קרום. נ אָ ר מ אַ ל ע א, —
וואָס איז געוויינלעך בײַ מענטשן אין אַ
באַשטימטער סיטואַציע. פּ אַ ט אָ ל אָ ג י ש ע א, —
בײַ אַ קראַנקן. אָפּיום־א'ס. שאָטן־א'ס.
קונצני

מאַכערישע א'ס.

2. דאָס וואָס דאַכט זיך נאָר און איז ניט

5

פֿאַראַן אין רעאַלן לעבן (פֿאַרבונדן געוויינלעך
מיט פֿאַרשענערונג, דערהייבונג). ניט זען דעם
אַרום און לעבן מיט א'ס. שטיין בּ אַ פֿאָנטאַן

,

און האָבן די א, פֿון אַ וואַסערפֿאַל. קונסט ווי

אַ מיטל אַרויסצורופֿן א'ס. „עס איז אַ שאָד
צו צעשלאָגן יענעמס א„,. צעשטערן אַן א,.
פֿרומע ייִדן זעען... דאָס ייִדישע לעבן...
„
וו אַ רעאַליטעט, ניט וו אַ טעאַטער־א'", שנ,
י   י
ייִד, שרײַבער אין סאָוו, פֿאָרבאַנד. „איז עס א',
צי וואָר, נאָר פֿאַרגעסן קען איך עס קיינמאָל
שוין ניט", אַל, 'די אומוואַנדלונג'.
3. פֿאָרשטעלונג אָדער געפֿיל וועגן עפּעס
וואָס מע וויל, מע שטרעבט דערצו און וואָס
איז נאָך ניט דערגרייכט אָדער איז בטבֿע
אומדערגרייכלעך. די א, פֿון אַן אַחרית־הימים. אַן
א ו י פֿ ק ו ם־א', א ו י פֿ ש ט ײַ ג־א'. „ער האָט
געוואוסט ווי צו שאַפֿן בײַ אונדז אַן א, פֿון
טיפֿער איבערלעבונג", שנ, קריטיק און
קריטיקער. „משיח — שרײַט גרויס און קליין...
פֿאַר אַלע פֿאַרצווייפֿלטע אַ נײַע א,: דער
דערלייזער,„ קאָר I. „יונגעלײַט ליכטיקן אויס
זייערע פֿאַרביקע א'ס", ברכה קודלי. -
יאָניסט — ווער עס לעבט מיט א'יעס.
־יאָנירן — נעאָל, מאַטעס דײַטש. שאַפֿן
אילוזיעס.
אילומינאַ'ט — דער, ־ן. <איי <ל. '

דורכגעלויכטענער'. ווער עס האַלט אַז ער איז פֿון
אינעווייניק, גײַסטיק, באַלויכטן געוואָרן דורך
אַ זעאונג אָדער אַדאַנק אַן אינטעלעקטועלער
אָנשטרענגונג. ספּעצ א) באַצייכענונג פֿאַר אַ
צאָל מאָנאַכן־אָרדנס אין אייראָפּע זינט 15. י,,ה,
מיט אַ טענדענץ צו מער אויפֿגעקלערטע השׂגות
וועגן רעליגיע; בּ) מאַסאָנען־לאָזשע אין
צענטראַל־אייראָפּע זינט 18. י,,ה, מיט
הומאַניטאַרע פֿרײַדענקערישע אײַנשטעלונגען.

,

אילומינ□ירן — טרוו. ־ניר, אילו□ינירט. <איי
<ל. 1. באַלײַכטן, מאַכן עס זאָל זײַן
ליכטיק, העל (צו שאַפֿן אַ יום־טובֿדיקן אײַנדרוק).
א, דעם זאַל לכּבֿוד דעם באַגקעט. א, די שטאָט
אין יאָרטאָג פֿון.... 2. באַפּוצן אַ כּתבֿ־יד
אָדער אַ בּוך מיט פֿאַרבּיקע אותיות,
אָרנאַמענטן. 3. אויסטײַטשן, קלאָר מאַכן. א, דעם
געדאַנק מיט אַ משל. דוגמאָות וואָס א'. 4. □יג.
,□אַרשפּרייטן ליכט,, אויפֿקלערן. באַלײַכטן
גײַסטיק. א, די פֿאָלקסמאַסן.
־אַטאָר — 1. ווער עס אילומינירט. ,,אַרטור
שיק, דעם גרויסן... א, פֿון אונדזער צײַט,,,
מוק, מײַנע באַגעגענישן 2 .II. מכשיר,

אַפּאַראַט צו אילומינירן. 3. קײַלעכדיק
פֿענצטערל אין קאַיוטע פֿון אַ שיף. ־אַטי'וו —
אַדי. א'ע רייד.
־אַציע — פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אילומינירן. „עס איז געווען א, — נישט ווי
אין די גרויסע שטעט מיט גאַז, נאָר מיט
אָנגעצונדענע סנאָפּעס שטרוי“, ספּ, ייִדישער
קאַלאָניסט. „טיילמאָל איז מיר בעסער געפֿעלן די
א, אויף ר, שמעון בן יוחאיס קבֿר„, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ־ירונג — אַ פֿאַרביקע
א,.

איליאַדע

־ירט — אַדי. א'ע גאַסן. „א, מיט לאָמפּן
פֿון אַלערליי קאָלאָרן„, אמז, דער סולטאַן,
ווילנע 1895. „הערלעך □יז דער באַרג
אילומינירט„, ממוס, יודל. ־ירטערהייט.
—ירטקייט.
אילון — [איבערשטעל פֿון וילנאָ] ווילנע אין
די ווערק פֿון אײַזיק־מאיר דיק. „עס איז צו
באַוואונדערן דעם פֿאַרפֿאַסער וואָס ער
דערמאָנט ניט די קלאַסע פֿון די פֿרומע ווײַבער וואָס
האָבן דאַן עקסיסטירט אין א,“, אמד, דער

פֿאָרטעפּ אַניסט, ווילנע 1878.

□

אילונית — ← איילונית, 1084.

אילוסטרי'ן — ← לוסטרין. „דער אַדוואָקאַטל אין דעם איבערגעניצעוועטן א'ענעם רעקל“, צ דאָלגאָפּאָלסקי, בּאַ געעפֿנטע טויערן, מינסק 1928.

אילוסטר□ירן — טרוו. ־ריר, אילוסטרירט.

<איי <ל. 1. בּאַפּוצן, אויספּוצן אַ טעקסט, כּתבֿ־יד מיט אַ בּילד, צייכענונג, געמעל, אָרנאַמענטן אע (און דערבּײַ מאַכן קלאָרער, בּולטער). דזוו אילומינירן, בּ2. א, דעם שער־בּלאַט. א, דעם בּאַנד משלים. א, אַ הגדה אויף אַ מאָדערנעם שטייגער. א, אַ געשיכטע־בּור מיט דיִאַגראַמען, מאַפּעס.

2. אויסטײַטשן, קלאָר מאַכן מיט דער הילף פֿון אַ דוגמא, אַ בּײַשפּיל, אַ משל אע. א, דעס בּאַנוץ פֿון אַ וואָרט מיט עטלעכע ציטאַטן. א, אַ לעקציע מיט ליכטבּילדער. „איך וועל נאָר מיט איין בּײַשפּיל א, די איבּערגעאײַלטקייט, מיט וועלכער מיר האָבּן געשאַפֿן אַ ריי כּללים פֿון כּלל־ייִדיש„, ימ, קוד, 1938. „זיי א, פֿונסנײַ די אַלטע מײַסטערשאַפֿט... צו בּאַשרענקען

זיך אַליין“, שנ, ייִד, שר׳ יִבער אין סאָוו, פֿאר׳ באַנד.
־אַטאָר — ווער עס אילוסטרירט. ־
אַטיוו — אַדי. א'ע בײַשפּילן. א'ער מאַטעריאַל.
־אַציע — די שיינע א'ס פֿון דעם קינדערביכל.
־ירונג. ־ירט — אַדי. א'ע צײַטונג. א'ע
לידער. א'ע כלים. ־ירטערהייט — אַדוו.
“א, ווער עס קאָסטן טײַערער,,. ־ירטקייט.
אילטיס — דער, ־ן. אויך: אילטעס..Mhd:
1 .ltes׳ ,is׳il. אַרכ. מיִ. טכויר. “דער א, איז אַ שרעקלעכער רויבער. ווען ער קומט צו אַ שטײַג פֿון הינער אָדער טויבן דערווערגט ער אַלע אום צו טרינקען זייער בלוט. זײַן פֿעל ווערט געניצט צו פּעלצן,,, א. ג., דער פּראָצעס, וואַרשע 1885.
2. אילטישׂ, אילטעס. טוו פֿאַר 'לטאָה, (ויקרא, יא, 30). אַזוי אין באר משה, באר התורה, ׳ב, טח, סשי, שווב [תּי: ,,עקדיש“]. געבליבן ביזן סוף 19. י“ה. דאָס וואָרט ניצט אויך באר משה פֿאַר אוחים (ישעיה, יג, 21) [תּי: “קלאָג־חיות“].
,,איין שטויק אָז איין שוועגצל פֿון איינם אילטש,,, בראַנט, פּרק טו.
איליאַדע — די. נאָמען פֿון באַרימטן

אַלטגריכישן עפּאָס, צוגעשריבן האָמערן, וואו די צענטראַלע געשטאַלט איז אַכילעס, דער העלד בײַ דער באַלאַגערונג פֿון טראָיע אָדער איליום. ,,די איליאַס, די אָדיסייע [□..] און אַנדערע

באַאילי־ארץ

רימטע מײַסטערווערק“, קמ, 42 l870, No. ,,מיר נעמען אין די הענט אַלטע מדרשים. אַראַבישע מעשׂהלעך, די א, פֿון האָמער,,, בעם II. ,,און פֿון שעקספּיר און קאָנפֿוציוס, און פֿון האָמערס א'“, יהואָש, 'וחלקלקות און זמזומים'.

אילי־ארץ — [אײליײע'רעץ]. תח. <יחזקאל, יז, 13. 'די מעכטיקע פֿון לאַנד'. געניצט מיטן ב: חשובֿע, פּני. ,,מיטאַמאָל האָבן זיי... געזען די א'־א, פֿון ייִדן אין פּוילן,,, ייִט, טמז, 1961 14 I.

איליזקע — די, ־ס. <? אוקר. (טאָקערײַ) שמאָלע, האַלבקײַלעכדיקע דלאָטע.

איליטשס לעמפּל — סאָוו. עלעקטרישע באַלײַכטונג [אויף לענינס נאָמען וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם לאָזונג צו עלעקטריפֿיצירן סאָוו'־פֿאַרבאַנד]. ,,די יונגע זעלמעניאַנער... האָבן געצויגן צו זיך אין די צימערן א, ל'עך“,

אילִיך — [אַרויסגערעדט: על􀀀ך?] אַדי.: Mhd h􀀀(li־􀀀. אַרכ. פֿאַרבונדן דורך אַ געזעצלעכן שידוך. „איך הון אים גילובט אונ, גישוואָרן דשׂ ער מיר צו איינם איליכאן מאַן זול זײַן עבֿן, אונ, איך וויל זײַן זײַן אילכשׂ ווײַבֿן“, 􀀀א־בוך, 199.

אילימא — [איי'לימע] זוו. תּח. >בבא מציעא יב/ב אאַ. 'זאָל איך זאָגן?'. געניצט מיטן בּ: צי מיינסטו צו זאָגן? אויבֿ מיר זאָלן אָננעמען. [תלמודישער אויסדרוק בײַ אַ שקלא־וטריא, בײַ אַ וויכּוח, ווען דער מקשן רדקט אַרויס אַ הנחה וואָס ער פֿרעגט זי גלײַך אָפּ, כּדי מיט דעם צו באַפֿעסטיקן אַ צווייטע געבראַכטע הנחה, ווײַל די מאָטיוון וואָס שלאָגן אָפּ די ערשטע הנחה זײַנען לאָגישע אָדער לעגאַליסטישע.] „א, ועסטו אַנדערש זאָגן, אַז דער לווה איז מודה אַז ער האָט נאָך נישט באַצאָלט דעם מלווה דעם חובֿ?“, שהמ, יב/ד.

אילינאָי, — גנ. מיטל־מערבֿדיקער שטאַט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון אַמעריקע.

-

פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 56,000 קוו, מײַל (146,756 קוו, קמ'). אַדמיניסטראַטיווער צענטער ספּרינגפֿילד. [1965 — 10,269,000 א.נוו', ייִדן — 283'035 פֿון זיי — 269'000 אין שיקאַגאָ].

לויט זײַן עקאָנאָמישער פּאָזיציע (אַגריקולטור און אינדוסטריע) איז א, לויטן סדר דער פֿערטער שטאַט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

אילינױום — דער, ־ס. זעלטענער כעמישער עלעמענט. מעטאַל. אָטאָמישער נומער 61. געהייסן אויך פֿלאָרענטיום. אידענטיפֿיצירט מיט פּראָמעטיום, וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון שפּאַלטן אַטאָמען פֿון אוראַניום.

איליע — די. מצ נבֿ. .. קריסטלעכע חגא, אויפֿן נאָמען פֿון אליהו הנבֿיא פֿאַלט אויס דעם 20סטן יולי (אַלטער סטיל) און דער יריד דעם טאָג פֿון א, האַט מען אַ האַלבע הוצאָה".

אי'ליצע — דזוו אוליצע, ← 508. אין פר
אויך: ריליצע, ר▯ליטשקע. <אַר [= אַן]
איליצע. "דורך שמאָלע א'ס און געסלעך גיי

1256

איך נאָך מײַן טאַטן אין מאַרק אַרײַן קאַרטאָפֿל
קויפֿן", נ. באָמזע, אייביק בליִען וועט דער
טרויס.
איליש — אוקר. פֿאַרצויגן פֿין עליע.
אילמלא מוראה של מלכות — [אילמאָליי
מויראאָ שעל מאַלכוס] זאַץ. תּח. <לויט אָבֿות,
ג, ב. 'וועו ניט די מורא ▯אַר מלכות, [
צווייטע העלפֿט: 'איש את רעהו חיים בלעו, —
וואָלט איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט
אײַנגעשלונגען], ד„ה: מענטשן וואָלטן אָפּגעטאָן
אַלדאָס בייז ווען ניט די מורא פֿאַר דער מאַכט
(געריכט, פּאָליציי).
אילמעני'ט — דער, ־ן. מינעראַל, שוואַרץ,
באַשטייט פֿון אײַזן, טיטאַניום און זויערשטאָף.
[נאָמען פֿון אילמענער באַרגקייט פֿון די
----▯
אוראַלן.]

איל משולש — [אַיִל מעשולאָש] דער. אויך
פַּראַזע. <בּראשית, טו, 9. 'דרײַ־יאָריקער
ווידער'. נאָמען □ון אַ ספֿר מיט כּללים פֿון
אַלגעבּרע, געאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע. מחבּר: דער
ווילנער גאָון ר, אליהו, ווילנ□ 1833. ,,דער
ווילנער גאָון האָט אין זײַן א, מ, גאָרניט מחדש
געווען... ער גייט אין אייקלידס שיטה,,,, אָפּאַ,
אין פּוילישע וועלדער.

אילן — [אילאָן] דער. מצ: ־ות. <אָבֿות, ג, ט;
<שבֿיעית, א, בּ. בּוים. “הקדוש בּרוך הוא...
האָט בּתּחילה גיבּויט אַן עולם.. און, האָט אַן
גיגרייט אַלירלייא פּרנסה.... דגים, צמחים,
אילנות“, נצ1, יד/ג.

אילן־ההיים — [...־האַכאַיִם] דער. בּא. <
זוהר, בּראשית, ג, 8; דבֿרים, ג, 24. פּפֿ: ע□
וְהייס, <משלי, ג, יח. בּוים פֿון לעבּן.
געניצט מיט בּבּ: 1. לעבּנסקוואַל, מקור פֿון חיִות.
,,די בּרכות וואָס דער מענטש מאַכט ציִען זיי
חיים פֿון דעם א'־ה'“, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ“ג.
2. (קבּלה) סימבּאָלישע בּאַצייכענונג פֿון חכמה
עליונה, פֿון ריין־אינטעלעקטועלן לעבּן.

אילן־היהס — [... ־האַיאַכאַס] דער, ־ן, אויך:
אילני־היהס. יחוס־בּוים. 1. ספֿר־

היחוסין. אָפּשטאַם פֿון אַ מענטש לויט דער משפּחה, וואָס ציט איר ייִחוס פֿון זיידעס און עלטערזיידעס, קייטלונג פֿון דורות. 2. געמעל אין פֿאָרעם פֿון אַ בוים מיט צווײַגן, וואָס סימבאָליזירט דורות וואָס דערפֿירן צום שטאַם פֿון אַ באַוואוסטן אורפֿאָטער מיט וועמען מע שטאָלצירט. „אונדזער א־ה, פֿירט ביז צו רשי הקדוש“.

אילן־המות — [...־האַמאָוועס] דער. בא.
<זוהר, בראשית, ג, 6. בוים פֿון טויט. געניצט מיט בב: 1. נויט, דחקות, אָרעמקייט. “דער עני איז באַהעפֿט ▯ין דעם א־ה', און מיט דער צדקה דערוועקט ער [דער נדבֿן] דעם עץ־החיים, מחיה זײַן דעם עני וואָס ער איז חשובֿ כּמת“, נוצ. 2. (קבלה) דער עץ־הדעת.

אילן־העליון — [...־האָעליוין] דער. בא.
<זוהר, בראשית, ג, 6. געניצט מיטן ב: הימלישער פּרוכטבוים, וואָס איז דער סימבאָל פֿון באַשפֿײַזונג. „דער וואָס איז מתפּלל צו הקב“ה

אילעאום

... ווערט געבענטשט פֿון א־ה„ וואָס פֿון אים קומען אַלע מזונות„, נוצ.

אילן־מאכל — [...־מאַ'אַכאָל] דער, מצ:

אילנים'. תּח. <ש▯בִֿיעית, א, 3. ▯רגל דווו. 1. אַ בּוים וואָס גיט פֿירות. „מע זאָגט צו די אילנים'. פֿאַרוואָס ציט איַיער קול אָן גערויש? — ענט.

פֿערן זיי: מיר נייטיקן זיך ניט דערין, די פֿירות אונדזערע זיַינען מעיד אויף אונדז„, בּראשית רבּה▯ טז, 6. 2. פֿיג. אַ מאַן וואָס איז ניט קיין עקר אָדער אַ סריס. 3. אַ תּלמיד־חכם וואָס שטעלט אויף תּלמידים.

אילן▯סרק — [...־סראַק] דער, מצ: אילני־ס'. תּח. <בּבֿא קמא, צא/ב אאַ. 1. 'ליידיקער, פּוסטער בּוים'. אַן אומפֿרוכטיקער בּוים אָדער אַזאַ וואָס זיַינע פּירות קאָן מען ניט עסן. „מע זאָגט צו די אילני־ס': פֿאַרוואָס ציט איַיער קול מיט גערויש? ענטפֿערן זיי: כּדי מע זאָל פֿון אונדז הערן“, בּראשית רבּה, טז, ▯. [געניצט אויך דעם פֿולן זאַץ: אילני—ס, קולס הו— לך. ענלעך צו: פֿון פּוסטע פֿעסער איז דער ליאַרעם וואָס גרעסער.] ← איסתרא בּלגינא. „פֿאַראַן... אילני־ס', ליידיקע בּיימלעך“, פּרץ, כּרת'. „די אילני־ס'... ווערן אויך נישט איגנאָרירט. אויך זיי... זאָלן ווערן אָנגעלאָדן

מיט פּרוכט“, נ. שמן, טמז, 2 .26 1967 I.
קינדערלאָזע(ר). „אַן א־ס', ניט קיין קינד, ניט
קיין רינד„. 3. פּוסטע כּלי, טומלער,
עמהאָרץ. 4. בן־תּורה וואָס איז נישט משפּיע
אויף אַנדערע. „מע קאָן זײַן אַ ש“ס־ייִד און
מען איז חס־ושלום אַן א־ס'“, לדבֿ נ„י תשי„ז,
קלב. 5. וואויללערנער אָן מצוות. „ער איז
אַן א־ס, — וואָס טויג מיר זײַן תּורה אַז ער
האָט ניט יראת־שמים?“.
אילן עושׂה סירות — [... אויסע פּיירעס]
פּראַזע. תּח. <לויט כּלאים, ו, ה. אַ בוים
,
וואָס טראָגט פּרוכט'. געניצט מיטן בֿ:
שעפּערישער מענטש, בעל־השפּעה וואָס סטימולירט
און אינספּירירט אַנדערע.
אילע — פּראָ. e11in ◌llin◌ :◌Mhd. דזוו אַלע.
פֿטמ פֿאַרשפּרייט איבער דד פֿון מזרח־ייִדיש.
— .
ספּעצ א, ווײַלע, א'מאָל, א'מען, א'־
מענס, א'רליי. „א, ווײַלע וויינט זי„, רײַז
(זאַמעט). „א, טאָג קומט ער צו מיר„, רייד
(קיִעוו). „א, וועלן אַזוי זאָגן“, רייד (בראַצלעוו).
„א'מאָל איבערחזרן דאָס זעלביקע„, רייד (
כעלעם). “וואו איך בליק נאָר פֿון א, זײַטן זעט

מיר דאָרטן אַזוי טרויעריק אויס" פֿל. „אַזוי
,
טוט אַ ייִד מיט אַלץ און אילן", נפֿתּלי גראָס,
ייִדן, ז, 26. „א'מאָל האָבן זיך עטלעכע
פֿאַרטײַעטע נעפּל־שאָטנס אָפּגעריסן„, מענדל מאַן,
דאָס הויז צווישן דערנער. „עס לאָזט זיך פֿון
א'מען אויס אַ בוידעם„, מ. י□ בערדיטשעווסקי,
יודישע כּתבֿים. אויך אין שי: „איטלכר יסוד.. □
וויל ער אײַן שלינגן... אין זיך אילי יסודות,
למשל פֿײַאר וואָלט גערין אילי פֿר בּרענט„,
מא/א.

אילע□אום — דער, ־ס. <איי <ל. (
אַנאַטאָמיע) לעצטער טייל פֿון די שמאָלע קישקעס,
האַרט פֿאַר דער בּרייטער קישקע ־איש —
— —
.

אילעאי'ט(יס)
אַדי. א'ע ווייטיקן. ־אָ(ס)טאָמיע —
אָפּעראַציע אויפֿן אילעאום.

אילעאי'ט(יס) — דער. <איי <אילעאום, ל.
„אָנצינדונג פֿון שליימהויט פֿון דער קליינער
קישקע„, דר, יעקבֿ בּ. גלען, צו געזונט און צו
לעבן.

אילעגאַ'ל — אַדי. דזוו אומלעגאַל,
אומלעגיטים, ← 600. ־קייט.
אילענד — [אַרויסרייד?] דזוו עלנט. ־ער —
אַרכ פֿרעמדער. טוו פֿאַר 'גר, (בּאר התּורה,
.

-

דבֿרים, כג, 8). „דאז וואַרן די שטעט אַן
גיבּרייט, צו אַלי קינדר ישׂראל אונ, צו איין
אילענדר דר דא וואונט צווישן זיא“, סהמ,
יהושע, טו/ב. „זיא [די נשמה] איז אין דײַן
גוף פֿרעמט, גלײַך אַז איין אילענדיר... גלײַך
אַז איין ארימיר גאַשׂט“, בּע, כט/א. „ער ווער
שרײַען אַזוי ווי אַ לייב... ער ווער ניט זײַן
גלײַך אַלס איין אילענדער“, שיר היחוד ליוס
רביעי פֿפֿדמ 1885, ז, 13.

אילענדיק — אַדי. ← אילאַנד. וואָס איז
אויף אַן אינדזל. “אונ ער שפּראַך אַזו: אוב
אילענדיגי זעלטן שטערבּן אויף דשׂ אילאנד,
דשׂ ווערט קיין גרושׂר שאדין זײַן“, שאַר.

אילעקס — דער, ־ן. אויך: א'־בוים. (
באָטאַניק) בוים אָדער קוסט מיט אייביק־גרינע
בלעטער. שטעכפּאַלמע. האָט אַ גרעסערע צאָל
אונטערמינים. וואַקסט אין הייסן קלימאַט, ס'רובֿ
אין דרום־אַמעריקע. דאָס האָלץ איז האַרט און
ווערט געניצט פֿאַר פֿאַרשיידענע טאָקעריי־
אויסאַרבעטונגען פֿון
— .
טייל מינים א'ן
באַקומט מען
אַרויס אַ
קלעפּיקן שטאָף וואָס
ווערט געניצט
אין דער
פֿאַרבןאינדוסטריע. די
בלעטער פֿון
אַנדערע מינים א'ן
ווערן אויך געניצט ווי אַ סאָרט אַראָמאַטישער
טיי.
אילערליי — דזוו אַלערליי ←.
אילץ — פּראַ. דזוו אַלץ. ווייניקער
פֿאַראילצאיינס. „דאָס האָב איך א, געטאָן“,
שפּרייט ווי אילע (←). אויך: אילצדינג,

ספֿר היראה, לעמבּערג 1792. „אונד קוקין א„ אובּ ניט...„„ דר, משה מאַרקוזע, ספֿר רפֿואות, פּאָריצק 1790. „אַלע טײַכן גייען אין ים אַרײַן און דער ים גייט נאָך א, נישט איבּער“, מס, קהלת תּקע„ט, א, 7. „ס'איז גאָר א, קיין נאָווינע נישט אונטער דער זון“, דאָרטן, א, 9. „ווײַבּער וואָס זייגן קינדער זאָל מען דאָס אייבּערשטע פֿון קריפּ מיט דעם זאָמען זידן... און מיט דעם קריפּ א, פֿאַרגלײַך — און זאָלן דאָס טרינקען„„ תּעלה ארוכּה, לבֿובֿ 1850. אויך אין שי: „די איבּרגי יהודים הבּן נעבּך גמוזט אַוועק וואַרפֿן די הײַזר אונ א, גוטץ“, ל/ב.

1257

אילקע — די, ־ס. סל. טכויר מיט ווערטפֿולן פּעלץ. א'־פּעלץ.

אילת — [איילאַ'ט] גנ. >דבּריס, ב, 8; מלכים בּ, יד, 22 אאַ. 1. האַפֿנשטאָט אין אַמאָליקן אדום, צפֿון־מזרח פֿון ים־סוף. (אויך אָנגערופֿן: עציון־גבֿר). „און מיר זײַנען אַוועקגעאַנגען פֿון אונדזערע בּרידער פֿון א'„„ תּי. [פֿון ... דאָרטן האָט שלמה המלך געשיקט שיפֿן קיין אופֿיר, מלכים א, ט, 26—28.] „די געאָגראַפֿישע

לאַגע פֿון א, איז געווען (און איז נאָך ביז איצט) אַן ערשטראַנגיקע. זי האָט פֿאַרבונדן סיריע און א„י מיטן רויטן ים„, מיכאל אַסטור, ייִבל 5 ,XIII־6.

2. נײַע שטאָט פֿאַרלייגט אין 1949 בײַם אײַנגוס עקבה (אַקאַבאַ). 150 מײַל דרום פֿון ירושלים, בשבנות פֿון מצרים, ירדן און סעודיה אַראַביע. א', דער טויער צום אינדישן און -

פּאַסיפֿישן אָקעאַן, איז זייער וויכטיק פֿאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון מדינתישׂראל. היפּשער טייל פֿון ישׂראל־עקספּאָרט גייט דורך דעם האַפֿן. באַפֿעלקערונג אין 1969 — 13,000, על־פּי רובֿ יונגע מענטשן — סאַבּרעס און אימיגראַנטן. פּרנסה־צווײַגן: פֿישפֿאַנג, קופּער־עקספּאָרט פֿון די תּימנע־מינעס, טוריסטיק, בוי־אינדוסטריע.

אַילת — [אַיעלעס] די. מצ נבֿ. <ירמיה, יד, 5.

דזוו אַילה. אינדין, הינדין. ▯ עניצט מיטן בּ: כּנסת־ישׂראל. „מײַן ליבּע אַ', דאָס מיינט מען כּנסת־ישׂראל... בינסט אַזוי לאַנג פֿון מיר פֿאַרגעסן געוואָרן„, נוצ.

אַילת אַהבים — [... אַהאָווים] די. <משלי, - -

ה, 19. ליבלעכע אינדין (הינדין). 1. פֿיג.
שײנע יונגפֿרוי, האַרציקע געליבטע. 2. אויף
לק — ספֿר פֿון שלמה די אוליוויירה וועגן
עקידת־יצחק. אַמשט 1665. 3. פּירוש אויף
שיר־השירים לויט קבלה פֿון שלמה הלוי
אַלקבץ, ווענעציע, 1552.
אַילת־השהר — [...־האַשאַכאַר] די. אינדין
פֿון פֿרימאָרגן. 1. ערשטער שפּראָץ אויף
טאָג. מאָרגנרויט, דאָס רויט־ווערן פֿון מזרח
פֿאַר זונאויפֿגאַנג. דאָס ערשטע רײַפֿעלע פֿון
דער אויפֿגײענדיקער זון. סימבאָליזירט גאולה,
אויסלײזונג. [„ר, חייא הגדול האָט געזען די אַ־
ה, ווי עס שפּראָצט איר שײַן, האָט ער געזאָגט:
אַזוי וועט זײַן די גאולה פֿון ישׂראל: לכתחילה
נאָר צו ביסלעך, און וואָס ווײַטער אַלץ מער
און גרעסער“, איבז, שיר השיריס רבה, ו, טז].
2. פּאָעטישער נאָמען פֿאַרן פּלאַנעט ווענוס (וואָס
מע זעט ווי דעם לעצטן שטערן פֿאַר
זונאויפֿגאַנג). 3 פֿאַרצײַטיקער אינסטרומענט בײַ
.
יידן פֿאַר דעם געזאַנג־מײַסטער אויף אַ־ה'„,
. ״
תּי, תהלים, כב, 1. 4. נאָמען פֿון אַ חיבור
וועגן גראַמאַטיק פֿון תּנך פֿון מלבי„ם. 5. גנ.

,
קיבוץ אין גליל, צפֿון פֿון ראָש־פּינה.
געגרינדעט אין 1916. שטח — 600 דונאַם. 13,000
נפֿשות (1966). אינטענסיווע גערטנערײַ און אַ
ביסל אינדוסטריע; אָפּרו־אָרט.
אים — [אָפּט אַרויסגערעדט עם] פּראָ אַקוזאַטיוו
& דאַטיוו פֿון ער פֿאַרבײַט דעם וואָס ציט זיך
—
.

אימאַ'זש

צו אַ וואָרט פֿון נייטראַלן מין אין אָביעקטיוו.
,,אים — אותו,,, אבֿ, שמות ד▯רים, איזנע 1542.
,,איך זע אים, איך גיי צו אים‘‘. ,,דאָס קינד
וויל דאָס שפּילכל, גיב עס אים‘‘. ‘‘די ווײַב איז

▯

אים פֿאַראַיאָרן געשטאָרבן,,.. ,,אַ זון האָט מען
אים אַוועקגעלייגט אין דער מלחמה,,, שע,
לכּבֿוד יוס־טובֿ I. ,,עס שטעלן זיך אים טרערן
אין די אויגן,,. ,,עס ציטערן אים די הענט‘‘.
,,איר שפּילט זיך מיט אים‘‘ [איר וועגן עמעצן
וואָס האַלט זיך גרויס]. ,,אַלץ קומט פֿון אים,

פֿון דעם שוכן במרומים,.. ,,אָן אים, וואָס לעבט
אייביק, טוט זיך קיין זאַך נישט“. ״לאָמיר גיין
הערן אַ גוט וואָרט פֿון אים, זאָל לעבן״ 〉 ״ער
מעכט אים ווידר מזלזל זײַן,,, לט1, הקדמה.
אַרכ אויך אימע. ,,... זול מן איהמי דריבר
אב שטראפֿין“, יורה הטאיס פֿיורדא 1786.
אימ־ — פּרעפֿיקס אין אַ צאָל
אינטערנאַציאָנאַליזמען, למשל: אימפּערפֿעקט, אימפּאָרט,
אימפּאָטענט. [אימ־ קומט אַנשטאָט אינ־ פֿאַר b, m,
ק]. אַזוי ווי אין ייִדיש איז אויך בײַ
אינטערנאַציאָנאַליזמען ניט שייך קיין טאָפּלטער מ, האָבן
מיר: אימאָביליזירן, אימיטירן אע]
אימאָבי'ל — אַדי. ← דוווו. ארמבאַוועגט,
אומבאַוועגלעך ←, 528. ,,וואָס וויל דאָס א'ע
וועלטבילד צוימען מיט שפּילן פֿון קאָלירן און
סעזאָנען,,, לע, ראָנדאָס און אַנדערע לידער.
אימאָבילIיזירן — טרוו. ־זיר, אימאָביליזירט.
>איי <ל. 1. מאַכן אומבאַוועגלעך.
אָפּשטעלן עמעצן, עפּעס, וואָס איז אין באַוועגונג.
דערפֿירן צו אַ שטילשטאַנד. א, די מאַשינען
בעת אַ סטרײַק. א, דעם אַגרעסאָר. 2. מאַכן
אומצוטריטלעך, אָפּשטעלן דעם צוגאַנג. א, די
הילפֿספֿאָנדן און פֿריִער דורכפֿירן אַן
אויספֿאָרשונג. 3. (מעדיצין) מאַכן אַז אַן אבֿר אָדער

געלענק זאָל זיך ניט קענען באַוועגן. א, דעם געבראָכענעם פֿוס ־יזאַציע —־יזירונג.

. .

־יזס. ־יטעט.

אימאַגIאָ — די, ־ס. <איי <ל. 1. דזוו אימאַזש ←. 2. (זאָאָלאָגיע) אינסעקט אין זײַן צײַטיקער פֿאָרעם (ווען ס'איז שוין מעגלעך צו דערקענען זײַן געשלעכט). 3. (פּסיכאָאַנאַליז) די אָפּט אידעאַליזירטע פֿאָרשטעלונג וועגן אַ נאָענטן מענטשן (עלטערן, דערציִערס) אין דער תּקופֿה פֿון קינדהייט וואָס בלײַבט אומגעביטן אויך אין דער דערוואַקסנשאַפֿט. א'(י) אָנאַל — אַדי.

אימאַגינירן — ← אימאַזשינירן. „... איז געוועזן אַן אימאַגינירטער שטורעם“, אָקרוטגי, טמז, 1953 II ״י 11.

אימאַגינע'ר — אַדי. דזוו אימאַזשינע'ר ←. „די פֿיגורן... זײַנען א'ע, דער פּייזאַזש איז אַן א'ער, די כּלה־שבת איז דורכויס אויסגעטראַכט“, א״א, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש.

אימאַ'זש — דער, ־ן. <איי <פֿר. 1. (מאָלערײַ, סקולפּטור) אָפּבילד, געשטאַלט, ענלעכקייט. אַן א, פֿון אַ חסידישן רבין. 2. (ליטעראַטור) שילדערונג פֿון אַ געשטאַלט, אַ טיפּ.

קאָנקרעטיזירונג פֿון אַן אידייע. בילדערישער
פֿאַרגלײַך. „ווערטער ווערן... לעבנס פֿאַר זיך

אימאַזשינאַציע

אַליין, איר ווערט ארכאַפּט פֿונעם א'", אפֿא,
גטעראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. 3. (אָפּטיק) אָפּ
בילד פֿון אַ זאַך אין אַ שפּיגל, דורך לינדזן,
דורך יעדער אָפּטישער סיסטעם.
4. (פּסיכאָלאָגיע) אינעווייניקסטע,
אָנחושימדיקע, מוחדיקע פֿאָרשטעלונג פֿון עפּעס וואָס
איז געווען דערגאַנגען דורך די חושים
פֿאַר.
מאַכן די אויגן און זען פֿאַר זיך קלאָר דעם א,
פֿון דער לאַנדשאַפּט. ז ע־א'ן. ה ע ר־א'ן.
ק ל אַ נ ג ע ן־א'ן. ש פּ י ר־א'ן. א'ן אין זכרון.
„טרייסט־א'ן וואָס איך בוי אין איינזאַם", כאַסיע
קופּערמאַן, יאַגד, לידער, נ" 1929.
5. יעדער מין בילד אין דמיון, אין
פֿאַנטאַזיע. א'ן פֿון ניט־פֿאַראַנענע באַשעפֿענישן
6. אָפּשפּיגלונג, דערמאָנונג פֿון אַן
איבערלעבונג. אַ שרעק־א'. 7. דזוו אידיי(ע)
פֿאָרשטע,

לונג אָדער סימבאָל. זײַן אַן (אמתער) א, פֿון גוטסקייט. „דער פּאָעטער־א, האָט געווירקט אויף זײַן גאַנצער אַנטוויקלונג“.

אימאַ זשינאַציע — די, ־ס. אויך: ־גינאַציע. פֿעאיקייט צו האָבן, צו שאַפֿן אימאַזשן. פֿאָרשטעלונג־קראַפֿט, דמיון, סאַנטאַזיע.

שעפֿערישע א'.

אימאַזשי (ני)זם — דער. בּא. ריכטונג אין דער פּאָעזיע (זינט אָנהייב 20, י״ה) וואָס הייבּט אַרויס דעם אימאַזש, דאָס בּילד פֿאַר זיך גופֿא, ווי דעם סאַמע עיקר אין יעדער פּאָעטישער שאַפֿונג. [דער א, האָט געפֿאָדערט פֿונעם דיכטער קלאָרקייט, בּאַנוץ פֿון פּשוטן וואָרט און שפּאָרעוודיקייט אין שפּראַך.] „אומאַזשיזם האָט זיך קאָנצענטרירט אויף קליינע לידער מיט אַ סך בּילדלעכקייט“, יג, טמז, 4 1964 X. ־ניסט.

־(ני)סטיש — אַדי. „ער האָט דעם גאַנצן אימפּעט פֿון זײַן שפּראַך און זײַן ריַיכער... א'ניסטישער בּילדלעכקייט אַרײַנגעלייגט אין דער שילדערונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען“, שנ, ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטןפֿאַרבּאַנד.

אימאַזשינ ירן — טרוו. ־ניר, אימאַזשינירט.
אויך: —גינירן. שאַפֿן דעם אימאַזש פֿון
עפּעס, (זיך) פֿאָרשטעלן עפּעס אין דער מחשבֿה,
אין דמיון, אין דער פֿאַנטאַזיע. א, די
וויטערדיקע בענד פֿון ווב ־ירונג —
אימאַזשיניר.
פּראָצעס.
־ירט — פּאַר, אַדי. „און זי האָט ליבֿ
געהאַט דעם דאָזיקן א'ן פּרינץ", מוק, מײַנע
באַגעגענישן II.
אימאַזשינע'ר — אַדי. וואָס איז פֿאַראַן נאָר
אין דער פֿאָרעם פֿון אַן אימאַזש, אָבער ניט
אויף דער וואָר. אויסגעטראַכט, אויסגעדאַכט,
אָפּגעדאַכט, דמיונדיק פֿאַנטאַסטיש. א'ע סכּנות.
,
א'ע געשטאַלטן.
אימאַזשעריע — די. באַ. באַצייכענונג פֿאַר
פּאָעטישער שאַפֿונג לויט די פּרינציפּן פֿון
אימאַזשיניזם. „אין פּרײַען פֿערז געלינגט עס זיך
צו לאָזן וואוילגיין מיט דער א'", לע, צוק,
סעפּט, 1956.
אימאַטער אַל יזם — דער. בא
פּילאָסאָי .
פֿישע אידעאַליסטישע שיטה וואָס האַלט אַז

טעריע האָט ניט קיין פֿאַ'רזיכדיקע עקסיסטענץ,
אַז אַלע דרויסנדיקע קערפּערס זײַנען אַ שאַפֿונג
פֿון גײַסט, אַ פּראָדוקט פֿון דעם מוחס
אויפֿנעמען. בערקלי דער פֿילאָסאָף פֿון א'. דער א,
פֿון בעל־התניא ־יסט — 1. אָנהענגער פֿון
.
אימאַטער אַליזם. 2. ווער עס זאָגט זיך אָפּ
,
מיט אַ לײַכט געמיט פֿון מאַטעריעלע
פּריווילעגיעס. מענטש פֿון רוחניות. ־יסטיש —
אַדי.
אימאַטעריעל — אַדי. 1. ← אוממאַטעריעל,
601. 2. ניט־וויכטיק; ניט־תּוכיק. ־קייט.
אימאַטריקול▯ירן — טרוו. ־ליר,
אימאַטריקולירט. <איי <ל פֿאַרשרײַבן, רעגיסטרירן
-
ווי אַ סטודענט אין אַן אוניווערסיטעט, אין אַ
העכערן לערן־אַנשטאַלט בכלל. מיט ז י ך.
־אַציע. ־ירונג.
אימאָלאַציע — די, ־ס. <איי <ל. אַקט
פֿון ברענגען אַ קרבן פֿון טייטן אַ מענטשן

(אויך זיך) פֿאַר אַ קרבן. בודיסטישע א'ס.
אימאַ'ם — דער, ־ען. <איי <אַראַביש.
מוסולמענישער גײַסטלעכער. אויך אַן ערן־טיטל. ״דערויף האָט דער א, (מאָהאַמעדאַנישער גײַסטלעכער) געענטפֿערט, אַז מע דאַרף זיך אויף דעם גאָרניט חידושן״, יי□אָל, 30 1885, No.
אימאַנט — פּראָ פּפֿ: אימענט.: Mhd
□ie□e □ie□an□. אַרכ. דזוו אימעצער, עמעצער. ״ווען דו אימנט דשׂ עשׂן זעגנן ווילט, זו שפּריך ברוכים היושבֿים״, אבֿ, שמות ד□ריס, איזנע 1542. „שיק מיר עשׂ מיט אימנטן גיווישׂ ווידר הער״, פּראָגבֿ, ז, 35. „איין בתולה.. זאָל... על הרחובֿ כּלל ניט שטין אַפֿילו מיט אימנט שמועות צו רידין״, 'תּקנות חכמי ומנהיגי ק״ק פֿראג„ שע„בֿ [רשומות, ד, תּ„אָ תּרפ״ו]. „ווען אימנט ווער קומין אונ, זיא פֿרעגין...״, גה, ז, 356. אויך: אימאַנץ, אימענ□ן. „האשׂט גשריבן עז זאָל מיר אימנץ געבֿן ג, זהובֿי, אדומי'...„„ פּראָגבֿ, ז, 45. „(את) ווײַזט נאָך פֿאַר אימנץ מער זאָלסט דיך אַך פֿערכטן (מורא האבֿן) דאז מיינט פֿאַר (תּלמידי חכמים) בישׂטו אַך שולדיג דיך צו

פֿערכטן,,, לט1, טו/ב. ,,מן איז זיך טובֿל ערבֿ יום כּפּור אַפֿילו ווען אימנץ געשטאָרבן איז חלילה צווישן ראָש השנה און יום כּפּור", שלחן ערוך אורח חיים ויורה דעה ומנהגים של כל השנה, לעמבערג [אָנהייבֿ 19. י"ה]. ,,,... נאָכצוזאָגן אַ גוטן פּשט פֿון אימנצנס ווענגן", לט2, פּט/ב.

אימאַנע'נט — אַדי. <איי <ל. וואָס איז א י ן דער אידייע, אָדער אין דער עצם זאַך גופֿא; וואָס איז אין דעם סובּיעקט גופֿא. וואָס איז אינעווייניק און גלײַכצײַטיק וויכטיק; עצמדיק, תּוכיק. היפֿוך פֿון טראַנסצענדענט. אַן א'ע סיבּה. אַן א'ער ציל. די א'ע סכּנות פֿון דער מלחמה.

א'ע פֿ י ל אָ ס אָ פֿ י ע — וואָס איז אָן פֿאָרויסבּאַשטימטע הנחות. א'ע ק ר י ט י ק — וואָס איז אָן דאָגמעס און פֿון פֿריִער אײַנגעשטעלטע נאָרמעס. [אַזוי האָט שמואל ניגער בּאַצייכנט זײַן דרך אין דער ליטעראַטור־קריטיק.] "צוויי גאָר פֿאַרשיידענע פֿאָרמען קריטיק:

אום געגנטייל

דאָגמאַטישע קריטיק און די פֿרײַע אָדער, ווי איך וואָלט זי אָנגערופֿן, א'ע קריטיק", שנ,

לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ־קייט. ־יש
— אַדי. ־ישקייט.
אימאַנע'ן — די, ־ן. היפּוך פֿון
טראַנסצענדענץ. אינעווייניקסטקייט. אײַנגעשלאָסנקייט
(פֿון אַ באַגריף אין אַ באַגריף) ספּעצ,
אײַנגעשלאָסנקייט אין באַוואוסטזײַן. אין טעאָלאָגיע
און פֿילאָסאָפֿיע — די אײַנגעשלאָסנקייט פֿון
געטלעכקייט אין דעם אוניווערס, ניט מחוץ
דעם אוניווערס.
אימאָ עילאה — [... אילאָאָ] די. בא. <זיו
הזוהר, בּראשית, ב, 7; דבֿרים, ד, 19. '
דערהויבּענע, אַצילותדיקע, מיוחסדיקע מוטער'.
(קבּלה) סימבּאָליזירט די ספֿירה בּינה. דזוו די
שכינה. "די תּורה און די א, ע, — די שכינה —
האָבּן דאָס געשטאַלט פֿון אָ ייִדישער כלה",
ייִט, טמז, 4 1959 II פֿרגל אַבּא ואמא, 3.
.
אימאָראַליזם — דער. שיטה וואָס פֿרעגט
אָפּ דעם ווערט פֿון טעאָריעס און באַגריפֿן וועגן
מאָראַל.
אימאָראַל יש — אַדי. דזוו אוממאָראַליש
←, 602. ־יטע'ט — די.
אימאָרטע'ל(ע) — די, —ן (־ס). (באָטאַניק)
'אומשטאַרבּיק'. באַצייכענונג פֿאַר אַ גרעסערער

צאָל געוויקסן, ספּעצ מינים געלע, רויטע אָדער
ווײַסע בלומען וואָס אויך
אָפּגעשניטענערהייט
פֿאַרטריקנ,
טערהייט פֿאַרלירן זיי ניט
זייער פֿאָרעם און קאָליר.
וואַקסט אין אַלע קלימאַטן (ס'־
רובֿ פֿון דער אַסטער־פֿאַמיליע.
איידלווײַס, □. l()68 געהערט
אויך צו די א'ן) פֿאַרשפּרייט
□
ווי אַ באַציר־בלום. „טרוקענער
קראַנץ פֿון אַלערליי קאָלירן פֿון א'ן
טרוקע,
נער געפֿלעכט„, דא, 'טעג און נעכט'. “קענט
איר די אַלפֿנדיקע, האַרטע, שטעכנדיקע
אימאָרטאלע□“, פּרץ, זכרונות 1e□e□]1mmo.
אימאַ'ש — דער, ־עס. □ima: □□>. בעס,
רומ. פֿאַשע. ווייד וואו די בהמות פֿאַשען זיך
זומערצײַט. „זיצן יעדן פֿאַרנאַכט... בײַם
טויער... און זען די קי אָנקומען פֿון דעם א',„
ה. אַקערמאַן, טאָג, 1959 III □י 22.
אימבעצי'ל — דער, ־ן. אויך: אימבעסי'ל.

<איי <ל. שוואַכזיניקער. ווײַט
צוריקגעשטאַנען אין אַנטוויקלונג, געבליבן בײַם שטאַפּל
פֿון אַ 3־4־יאָריק קינד. „קיין אידיאָט איז ער
אפֿשר ניט, אָבער אַן א, איז ער זיכער“ ־יש

.

— אַדי. א'ער מוח. „א'ער אַנטיסעמיטיזם“, יג.
—יטעט. ־ישקייט.

אימבער — דער. Mhd: imb□r. דזוו

אינגבער □.. א'־געבעקס. “נעם צימיט רינד... און
אימבר“, ר, מרדכי בר, אַריה, טוד ה', נאָווידוואָר
1794. “אַן אַלט געוועבט סערוועט מיט אַ טיפֿן
א'־געלן אוזאָר“, בערג ,דער עדות'.

אים געגנטייל — דטשמ נר. (פּונקט, גראָד)
פֿאַרקערט. אויך נר: אים קעגנטייל.

□אימדאַך

אימדאַר — אַדוו. אַרכ. □r פֿ[)־Mhd: immer.
פּפֿ: אי'מדאַרן, אי'מעדאַר, אומדאַר
(← 564). שטענדיק, תּמיד, אַלעמאָל. „איינר
פֿון סופֿרים איז מחויבֿ אימדאַר צו זיצן בײַא
דיא ראשים עם הפּנקס...„, תּקק. „וועלן מיר
אונשׂ מיט גאָט לובן און, רימן דען גאַנצן טאָג

אימדאַרן“, מחזור ר״ה ויו״כ, הומבורג 1721.
„דו ביסט הײַנט און אימידאָר... אַ גוט קינד„,
יאַ, שטערנטיכל, לײַפּציק 1862. אויך מיטן בּ:
אומעטום. “אימדאַרן וואו ער קאַם פֿרעגט ער

ׂ
נאָך יהודים“, מבֿ [אַווע III]. “... זאָל זיך דאז
אײַן פֿעסטן דז ערשׂ אימדאַרן גידענקן זאָל„,
סהמ, יהושע, ווילהרמרשׂדאָרף 1716, טו/ב.
אימה — [איימע] די, ־מות. <בּראשית, טו, 12
אאַ. 1. העכסטע מדרגה פֿון שרעק, פֿאַרבּונדן
מיט אַן איבּערלעבּונג פֿון פּאַניק, בּהלה.
אָנוואַרפֿן, אַרויסרופֿן אַן א.. איבּערלעבּן די א, פֿון
(בּײַ) דער גרויסער ס ננה. „האָבּן די שוועדן
אויפֿגעהאַנגען צוויי פֿון זיי אויפֿן מאַרקפּלאַץ
כּדי אָנצוּוואַרפֿן אַן א, אויף אַלע איבּעריקע
ייִדן„, ימ איבּז, שד II ו. “נאָך מער פֿאַרשטאַרקט
אונדזער... וויסטע א, פֿאַרן עצם קיום פֿון
מענטשלעכן מין„, יעקבֿ מייטליס, גק, No 48.
„וואָס זאָל עס בּאַטײַטן דער נעכל, וואָס הענגט
אַזוי טרויעריק אַון שוואַרץ. אַן א, בּאַפֿאַלט

מײַן נשמה, עס טרויערט און ציטערט מײַן

האַרץ,,, אַר, ,דער נעבל'.

2. גרויל, שוידער. אַ געדיכטע (שוואַרצע, פֿינצטערע, בייזע, וויסטע, סומנע אע) א'. אַן א, נעמט דורך, אַן א, באַפֿאַלט. ,,איך בין געוואָרן דורכגענומען מיט אַן א', ווען כ'האָב דערזען דעם באַרג אַש אין אָשוויענצים". "דער בחור שטייט און שנײַדט דעם זשעבראַק איבער דעם האַלדז מיט זײַן טעמפּ מעסער... כ'זאָג אײַך, אַזאַ א, איז מיך באַפֿאַלן,,, אָפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנב.

3. סינאָנים צו: קאַטאַסטראָפֿע, חורבן, שואה. ,,ווען עס איז געקומען די גרויסע א', איז ער אויפֿגעטרייסלט געוואָרן ביז צו די אָפּגרונטן פֿון זײַן נשמה", זלמן שזר, טמז, 23 1966 X.

4. פֿאָרכטיקייט פֿאַרבונדן מיט אַ געפֿיל פֿון הכנעה, געפֿאַלנקייט און גרויסן יראת הכּבֿוד. ,,צו כּל־נדרי זאָל ער קומען מיט גרויס א, ורעדה,,, דרך אָדס, וואַרשע 1860. ,,,... יומכּפּור איבער דער א, פֿון יום־הדין איז מען זיך נוהג צו שטעלן צוויי מענטשן לעבן חזן,,, ספֿר מטעמים לאָדז, יאָר?

5. געניצט אומפּינקטלעך מיט בבֿ: שרעק, מורא; אָפּשרעק; אומהיימלעכקייט; טיפֿע זאָרג. פֿינצטער אַן א'. ,,ס'וועט יעדער [בהמה] אָן א,

געניסן איר גליק אומגעשטערט“, יהואָש,
פֿאַבלען. „מע מוז איבּער דעם קינד הערשן מיט
ליבּשאַפֿט און ניט מיט פֿאָרכט (א')“, מלכּה
בּערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836.
„דורכגעלעבּט... די גאַנצע א, פֿון דעם
עקאָנאָמישן דרוק און די עקספּלואַטאַציע„, זשיט
II □י, נ״י 1917. „אַ ליבּע א, נעמט אים אָן אין
דער צײַט ווען די נאַטור ווערט שטיל„, בּעמ I.
־דיק — אַדי. 1. וואָס האָט אין זיך אימה,
איז שייך צו אימה. שרעקלעך, מאוימדיק,

פּחדימדיק. „דער 'קול דמי אחיך, הילכט נאָך
אַלץ א, אָפּ אין אונדזערע אויערן“, גק, No 48.
2. אומגעהײַער, גוואַלדיק, אומבּאַשרײַבּלעך.
„די א'ע ציפֿער איז ניט פֿינף [מיליאָן ייִדן וואָס
די נאַציס האָבּן אומגעבּראַכט]. נאָר זעקס
מיליאָן. און דער אמת איז אַז די פֿאַקטישע צאָל
איז געווען מער„, צײַט, טמז, 1965 □י30 I.
־דיקייט — „וואַקסענע ליכט האָבּן פֿון די
פֿענצטער אַרויסגעשײַנט מיט גרויס א'“, ווײַס,
אַ שטעטל. אויך: אימה'ק [איימיק], חג.
א, ויראה — [... ווערירע] פֿראַזע. תּח.

>אָבֿות, ו, ו; בּרכות, כב/א; מועד קטן, טו/א. 'פֿאָרכט און מורא, מורא און אָפּשײַ'. „נאָכדעם זײַנען זיי געזעסן און האָבֿן מקבֿל געווען דעם מגידס רייד מיט א, ו'„, קח.

א, ופֿהד — [... וואָפֿאַכאַד] פֿראַזע. תּח.

>לויט שמות, טו, 16. „אימה און שרעק, ציטערניש און פֿלאַטערניש. „פּסח זעלבּסט... וואַרפֿט אַרויף אָן א, ו, אויף אַלע ייִדן„, דער יודישער פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881. „ער וויל אויף אונדז אַרויפֿוואַרפֿן אַן א, ו'„, זשיט III, נ„י 1912. אויך וועגן אַן אײַנדרוק וואָס עס מאַכט אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, אַ האַר. „און דאָ — רבּונו־של־עולם: א, ו,!“, פּרץ, 'צווישן צוויי בּערג'. „אַז דער שׂר־הצבֿא בּאַדאַרף אַרײַנגיין צו דעם שׂר־המלחמה פֿאַלט אויף אים אָן א, ו'“, לדבֿ, נ„י תּשי„ן.

א, השכה — [... כאַשייכע] פֿראַזע. תּח.

>בּראשית, טו, 12. 'פֿינצטערע א''. „אַן א, ח, איז אים בּאַפֿאַלן אין אָנבּליק פֿון געטאָ„.

אימהן — עס אימהט מיך, עס האָט מיך געאימהט. אַקוזוו, דריטפּערזאָניק — דורכגענומען ווערן פֿון אימה. טרוו — אָנוואַרפֿן אַן אימה. „די פֿאָן... אָ בּלוטיקע... אימהט ...

אויף אַן אמת,,, רובֿ, איק, פּסח תּשכ,,ז.
אימהניק — דער, ־עס. וונ נבֿ. ווער עס
וואַרפֿט אָן אַן אימה. אָנפֿאַלער, רויבער.
אונטערוועלטניק. טעראָריסט. וויַכן פֿון די א'עס.
אימהפֿול — אַדי. וואָס איז פֿול מיט אימה.
וואָס נעמט דורך מיט גרויס שרעק. די א'ע
מלחמה־איבערלעבונגען. די א'ע טעג פֿון
פּאָגראָם.
אימוד־הדעת — [... האַדאַאַס] דער, ־ן. תּח.
<לויט חזקוני, שמות, יח, 25. ,אָפּשאַצונג
וועדליק דער דעה'. געניצט מיטן בֿ: לאָגישע
מסקנה, אויספֿיר, שׂבֿל־הישר. ,,איבערגעבן אַ
קורצן תּמצית פֿון די הויפּט־רעפֿעראַטן,...
לאָזן דאָס איבעריקע צו מײַנע לייענערס
אייגענעם א־ה',,, טמז 5 □ 1960 III.
אימוי'רדזשענסי — די, ־ס. אַמ.: □>
ע□)en□נ□eme. פלוצעמדיקער, אומגעריכטער
קריטישער צושטאַנד, נויטפֿאַל. ,,ס'איז אַן א,
און מע דאַרף גלײַך אַרויסרופֿן אַן אַמבולאַנס".
א□ו, — אַדי. <איי <ל. 1. וואָס איז
באַן
וואָרנט פֿון אָננעמען זיך מיט אַ קראַנקייט. א,
ק ע ג ן פּאָקן. ווערן א, דורך אינאָקולאַציע

(←). ,,ניט אַלע מענטשן זײַנען... אָנגעלייגט
צ ו דער אָדער יענער קלעפּיקער קראַנקייט...
אַזעלכע מענטשן זײַנען א, צו דער דאָזיקער

א מוניטע'ט

קראַנקייט פֿונדעסטוועגן זײַנען זיי
בּאַצילן.
טרעגער,,, צש פֿגעז, ווילנע 2 1923, No־3.
,
2. בּאַוואָרנט קעגן מאָנונגען און שטראָף מצד
דער מאַכט. א, ווי אַ פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט, ווי
אַן אַקרעדיטירטער דיפּלאָמאַט. 3. וואָס ווערט
ניט בּאַווירקט. א, קעגן שלעכטע השפּעות. ,,און
כ'בּין אַרויסגעקומען פֿון דאָרט געלײַטערט, —
א,; געלוינט האָט זיך די טומאה, ס'זאָל העלער
לײַכטן די זון'', בּ. לאַפּין, דער פֿולער קרוג.
א מונאָ לאָגיע — די בּא. אויך: ־בּ
אָלאָגיע. אָפּצווײַג פֿון בּיִאָלאָגיע וואָס שטודירט
דעם קערפּערס נאַטירלעכע סיסטעם פֿון
פֿאַרטיידיקן זיך קעגן פֿרעמדע, זײַטיקע, שעדלעכע
מאַטעריאַלן וואָס דרינגען אַרײַן אין אים פֿון
דרויסן. זיך ספּעציאַליזירן אין א'. ''פֿון...
עקספּערימענטן און דערפֿאַרונגען האָט זיך

אַנטוויקלט אַ נײַע וויסנשאַפֿט פֿון אימפֿונגען, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען א׳“ פֿגעז,

פּאַריז 1 1948, No ־לאָג — ספּעציאַליסט

אין אימונאָלאָגיע. ־לאָגיש — אַדי. ״די פּיגמענט־פֿאַרהעלטעניש בײַ ייִדן שפּילן אַ געוויסע ראָלע אין ווידערשטאַנד קעגן טובערקולאָזע... דאָך [זײַנען אַנטשיידנדיק]... די א׳ע דערשײַנונגען וועלכע האָבן געווירקט אין משך פֿון יאָרהונדערטער“, טאָז, 1930, No 1־2.

־גענעטיק — אָפּצווײַג פֿון אימונאָלאָגיע וואָס פֿאָרשט די אימוניטעט צו קראַנקייטן בשײַכות מיטן גענעטישן מהות פֿון דעם אינדיוויד. ־גענעטיש — אַדי.

אימוניזאַציע — די, ־ס. אַקט, מעטאָד, פּראָצעס פֿון אימוניזירן, ← דווו. „קיין שום וויסנשאַפֿטלעכע טעמים האָבן ניט געקענט צעטרייסלען דעם גלויבן אין דער אַקטיווער א, קעגן דיפֿטעריט„, טאָז, וואַרשע 3 1930, No־4.

אימוניזירן — טרוו. ־זיר, אימוניזירט. פּפֿ: אימונירן. 1. מאַכן אימון, מאַכן מע זאָל זיך ניט אָננעמען מיט אַ קרענק. א, קעגן פּאָקן.

א, דורך וואַקסינירן אָדער ינאָקולירן. 2.
מאַכן פֿעאיק צו שטעלן זיך קעגן פֿרעמדע
השפּעות אָדערונגען מצד דעם אַרום, סאָציאַלע

,

אײַנשטעלונגען אדגל. „די שׂנאה צום לעבעדיקן
און לײַדנדיקן ייִד... האָט זיך פֿאַרשטעלט אין
אַ כלומרשטן ווילן אים 'אויפֿצוקלערן', און
אויסוואָרצלען פֿון אים די ,פֿאָראורטיילן', דאָס
הייסט, צורויבן בײַ אים דאָס אַלץ, וואָס
אימוניזירט אים קעגן אונטערגאַנג“, צײַט, אין
קאַמף פֿאַר אַ ייִדישער מלוכה, נ„י 1943. מיט
ז י ך — „אַ מיעוט האָט זיך בכּיוון
אײַנגעשלאָסן אין אַ געטאָ כּדי זיך צו א, אַקעגן די
מאָנונגען פֿון דעם אַמעריקאַנער דרויסן„, ב.
רודמאַן פֿאַש, 1955 —ירונג.

, .

אימוניזירט — פֿאַר, אַדי. א'ע קינדער.
־קייט — א, קעגן אַסימילאַציע.
אימוניטעט — די, ־ן. ך־ (בּיִאָלאָגיע,
מעדיצין) אייגנשאַפֿט צו זײַן א מון (←).
נאַטירלעכע א, — קעגנגיפֿט אין אַ לעבעדיקן
אָרגאַניזם נאָך דעם איבערשטיין אַ קלעפּיקע
קראַנקייט. קינסטלעכע א, — געשאַפֿן דורך

וואַקסינאַציע אָדער אינאָקולאַציע. „אַרומנעמען... די

אימוץ־לבֿ

גאַנצע פֿראַגע וועגן א, איז זייער שווער אין
אַ קורצן... אַרטיקל„, צש פֿגעז, ווילנע 1923,
,

5 No־□ .
2. (פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע) פֿאַרזיכערונג
□אַר אַ (פֿאַרלאַמענט־)דעפּוטאַט פֿון

באַשטראָפֿונג פֿאַר קריטיק אָדער פֿאַר אַ מיינונג,
אַרויסגעזאָגט פֿון דער טריבונע. יורידישע
אומבאַרירלעכקייט פֿון אַ דיפּלאָמאַטישן פֿאַרטרעטער
מצד אַ מלוכה וואָס צו איר איז ער
אַקרעדיטירט. דאָס זײַן פֿרײַ פֿון באַשטימטע פֿליכטן.
א, פֿון גײַסטלעכע בײַם נעמען אין מלחמה.
3. באַוואָרנטקייט בכלל. באַוואָרעניש. “עס
איז גאָר ניטאָ יענער סאָציאַלער שיכט וואָס
פֿאַרמאָגט אַ מין א, קעגן דער קאָרופּציע„,
גרין,... טאָגבוך.
אימוץ־לבֿ — [...־לייוו, לעוו] דער. מצ נבֿ. תּח.

>על חטא, יום־כיפּור; >רשי, ישעיה, סג, 17.
'פֿארהארטקייט פֿון האַרץ', מיטן בּ.
פֿאַרטעמפּט— ־ .

קייט, ▯אַרשטיינערונג פֿון האָרץ,
שלעכטהאַרציקייט. „אַ רחמנות אויפֿן גבֿיר, ער וויל
נעבעך געבּן אַ נדבֿה, אָבער ער קאָן ניט מחמת
א'־ל'„.

אימוש(טש)עסטווע — די, ־ס. רוסיצ.
פֿאַרמעגן. "די מיל איז דאָך אַ שטיק א'", בּריוו.
„ווייסטו דען ניט אַז מע שרײַבּט איבּער די א,
אויף דער ווײַבּס נאָמען?", ע. בּ. [עוזר
בּלאָשטיין], דער בּאַנקראָט, ווילנע 1893. „היטן
דאָרטן דאָס ביסל א,... אָפּגעשטעלט פֿון אַלטע
צײַטן", יודישער פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881.

אימיגראַנט — דער, ־ן. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער עס קומט אַרײַן אין אַ לאַנד וואו ער איז
ניט געבּוירן געוואָרן כּדי צו ווערן אין דעם
נײַעם לאַנד אַ בּאַשטענדיקער תּושבֿ. „די
ערשטע ייִדישע א'ן [אין אַמעריקע] האָבּן געהאַט
אַ ווערטל... אַ קלאָג צו קאָלומבּוסן", אפֿא,
טמז, 3 III 1966. „וואָס גיכער
איבּערצופֿורעמען פֿון סתּם א'ן אין ווירקלעכע עולים„, י.
זרובּ▯ל, טמז, 29 XII 1965.
־יש — אַדי. א'ע יאָרן, מאַסן, פּרנסות,

צרות. א'ע געגנטן. א'ע שפּראַך מיטן צומיש
פֿון ווערטער און אויסדרוקן פֿון דעם לשון פֿון
נײַעם לאַנד. „אונדזער ייִדישע גאַס פֿון די
ייִדיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען איז געווען
דורכויס א'־ייִדיש, מיט אַ קליינעם צומיש“, ש.
מאַרגאָשעט, טמז, 1964 I ▯ ▯ 18. “דער גרויסער
▯ אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ וואָס ווערט אַלץ
מער אויס א,“, אפּא, טמז, 21 1965 I. ־
ישקייט. [אַמ — אי'מיגרענט].
אימיגראַציע — די, ־ס. 1. אַקט, פּראָצעס
פֿון קומען אין אַ לאַנד מיט דער כּוונה צו
ווערן אַ תּושבֿ. 2. באַוועגונג וואָס באַשטייט
פֿון פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד פֿון געבוירן אָדער
פֿון דויערדיקן וואוינען (עמיגראַציע) און דאָס
קומען זיך באַזעצן אין אַ נײַ לאַנד. [1654 איז
דער אָנהייב פֿון דער ייִד, א, אין די
פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווען 23 ייִדן זײַנען אָנגעקומען
קיין נײַ־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק). זיי האָבן זיך
געראַטעוועט פֿון רעסיפֿע (בראַזיל ▯, וואָס

טוגאַל האָט דעמאָלט אײַנגענומען. אין דער

צווייטער העלפֿט 17. און אין 18. י״ה האָבן קליינע גרופּעס ייִדן אײַנגעוואַנדערט אין די שטאַטן. זינט 1840 און ספּעצ נאָך 1848 האָט די ייִדישע א אָנגענומען אַ ברייטערן פֿאַרנעם.

,

דער רובֿ אימיגראַנטן זײַנען דעמאָלט געקומען פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך. נאָך 1881 הייבט זיך אָן דער גרויסער שטראָם פֿון ייִדישער א, וואָס קומט פֿון מזרח־אייראָפּע. אָט דער שטראָם איז געצוימט געוואָרן ערשט אין 1914 מיטן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה און שפּעטער, אין 1924, דורך די אײַנגעפֿירטע קוואָטע־געזעצן. נאָך דער צווייטער וועלטמלחמה זײַנען די קוואָטע־געזעצן צום טייל פֿאַרלײַכטערט געוואָרן און אַ גרעסערע צאָל געראַטעוועטע פֿון חורבן האָבן געקענט אימיגרירן. דער הויכפּונקט פֿון דער ייִדישער א, אין די שטאַטן (2,200▯000) פֿאַלט אויס אויף דער תּקופֿה 1891—1925. דער אַלגעמיינער סך־הכּל פֿון דער ייִדישער א, אין די שטאַטן זינט 1840 באַטרעפֿט אַן ערך איבער דרײַ מיליאָן.

דער אָנהייב פֿון ייִדישער א, קיין קאַנאַדע: נאָך אין די צײַטן פֿון דער פֿראַנצייזישער און ענגלישער הערשאַפֿט. אין 1841 האָט די ייִדישע

א, קיין קאַנאַדע באַטראָפֿן 359 נפֿשות. אַ גרעסערער צושטראָם קומט ערשט נאָך 5)19. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט קאַנאַדע ברייט געעפֿנט אירע טויערן פֿאַר געראַטעוועטע פֿון די חורבן־יאָרן.

דער הײַנטיקער ייִדישער ישובֿ אין אַרגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1889, מיט אַ גרופּע פֿון 824 אימיגראַנטן פֿון פּאָדאָליע, אוקרײַנע.

די שפּעטערדיקע קאָלאָניזאַצ ע אויף דער איניצ אַטיוו פֿון ייִק"אָ האָט אין סך־הכּל אײַנגעי
שלאָסן קרובֿ צו 10,000 אימיגראַנטן, ס'רובֿ פֿון בעסאַראַביע. אַ גרעסערער א'־צושטראָם פֿאַלט אויס אויפֿן יאָר 1920, כּמעט דורכויס פֿון פּוילן.]

3. גרופּע אימיגראַנטן (פֿון איין פֿאָלק אָדער פֿון אַ באַשטימט לאַנד) וואָס האַלטן זיך אין נײַעם לאַנד צוזאַמען ווי אַ קאָלעקטיוו. ייִדישע, איטאַליענישע, אירלענדישע אאַזוו א'. [אָן אַרויפֿגעצוואונגענער אָפּגעזונדערטקייט פֿון דרויסן און דאָך מיט אַ פֿרײַוויליקן אויסטיילן זיך ווי אַ באַזונדערער קאָלעקטיוו, האָט ייִדישע א, זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ כּוח אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פֿון אימיגריר־לאַנד און

ווי אַ שעפֿערישער ציבור אין דער אייגענער
געשיכטע, מיט נײַע און אַלטע אינסטיטוציעס
און מיט אַ מאָדיפֿיצירטן המשך פֿון שטייגער
און פֿירונגען.]

אימיגרירן — אוטוו. ־ריר, אימיגרירט. <איי
<ל. אַרײַנוואַנדערן', אַרײַנקומען,
אַרײַנפֿאָ,
רן אין אַ לאַנד כּדי זיך צו באַזעצן דאָרטן אויף
תּמיד (היפּוך: עמיגרירן — אַרויסוואַנדערן).
„מיר זאָגן ניט א, קיין פּאַלעסטינע — מיר
זאָגן עולה זײַן קיין ארץ־ישׂראל“. —ונג.

אימיטאַטאָר — דער, ־ס. ווב ־שע, ־קע, ־ס.
ווער עס אימיטירט (□.). נאָכמאַכער. „ער האָט
אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל מיט זײַן

דערקלעאימיטירן

רונג אַז דער אַקטיאָר איז אַן איינפֿאַכער א„
ניט קיין שעפֿערישע פּערזענלעכקייט„, שנ,
קריטיק און קריטיקער. ־יש — אַדי. „מיט
איר א'ן צוגאַנג מאַכט זי ווערטלאָז...
געשאַפֿענע... לעבנס־ווערטן“, בּ. ריווקין,
גרונטטענדענצן....
אימיטאַטי'וו — אַדי. נאָכמאַכעריש.

נאָכקאָפּירט, געקינצלט. אַן א, שטיקל אַרבעט.
אימיטאַנדאָ — <איט. (מוזט)
מוזיקאַלישער זאַץ וואו איינצלנע שטימען אָדער
אינסטרומענטן חזרן איבער דאָס אויסגעזונגענע פֿון
אַ פֿריִערדיקער ערשטער שטים אָדער דאָס
אויסגעשפּילטע פֿון דעם אָנפֿירנדיקן אינסטרומענט.
אימיטאַציע — די, ־ס. 1. פּראָצעס אָדער
אַקט פֿון אימיטירן. אַ גערעאָטענע א'. ס'איז
עכט, ניט קיין א'. 2. פּראָדוקט פֿון
אימיטירן פֿון נאָכמאַכונג. א'־ל ע ד ע ר =
סינטע,
טיש פֿאַבריצירטער שטאָף וואָס איז ענלעך צו
לעדער. א'־ג אָ ל ד = בראָנדז באַדעקט מיט אַ
דינער שיכט גאָלד. א'־זײַד אאַ. „דערציילן זיך
מעשׂיות וועגן שטיינער, אָנטיקלעך און א'ס“,
ייִז, פּערל, וואַרשע 1922.
3. נאָכמאַכונג בכלל (אין קונסט, אין
גײַסטיקן שאַפֿן, אין מעשׂים אאַזוו). א, פֿון אַ בילד,
פֿון אַ ליד. „באַפֿרײַען די חכמת־ישׂראל פֿון
דער נידעריקייט פֿון א, און פֿון גלותדיקער
פֿאַרפֿעלשונג“, ש. ראַווידאָוויטש, ייִבל 2 ,XXI.
4. דזוו אימיטאַנדאָ. דאָס נאָכזינגען אָדער
נאָכשפּילן אַ מוזיקאַלישע פֿראַזע. ש ט ר ע נ ג ע
א, — ווען עס איז פּונקט ווי פֿריִער פֿ ר ײַ ע

.

א, — מיט געוויסע מאָדיפֿיצירונגען.

אימיטירלעך — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען אימיטירן. א'ע און ניט־א'ע געוועבן.

אימיטירן — טרוו. ־טיר, אימיטירט. <איי <ל. 1. נאָכמאַכן אַ טואונג אָדער אַן אופֿן טאָן פֿירן זיך (פֿון אַ מענטשן אָדער בעל־חי).

,

א, וו אַ האָן קרייט. א, דעם רעדנער מיט אַלע

י

זײַנע העוויות. 2. נאָכמאַכן אַ זאַך. 3. מאַכן קינסטלעך, סינטעטיש אַ פּראָדוקט וואָס זאָל דינען דעם זעלביקן צוועק ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. א, לעדער. א, זײַד. „אַן עלעקטרישער גלילאָמפּ אימיטירט די זון פֿון הימל„, מלה, אין ניו־יאָרק. 4. נאָכמאַכן עפּעס (מיט אַ כּוונה צו פֿעלשן). א אַן אונטערשריפֿט.

,

5. בײַם קינסטלערישן, בײַם גײַסטיקן שאַפֿן ניט אַרויסווײַזן קיין אייגנס, נאָר נאָכטאָן לויט אַ פּאַרטיקן מוסטער, מאָדעל. א אַ גרויסן מאָ,

לער. א, עמעצנס סטיל. א, מענדעלעס לשון. א, דעם אַקטיאָר אין זײַן באַרימטער ראָלע.

,,ניטאָ קיין גרעסערע קראַנקייט פֿאַרן ישובֿ
ווי דאָס א, און אַקצעפּטירן פֿאַרטיקע תּורות“,
ש. ראַווידאָוויטש, ייִבֿל XXI, 2.
6. שפּאַ צוטרעפֿן, אַרײַנפּאַסן. “דער פּינטאָר
[= מאַליער] האָט אימיטירט די קאָלירן, זײַנען
ז אַ זעלטנהייט“, רייד (בֿ“א) ־ונג ־ער.
יִ
. .
—עריש — אַדי.
אימיטירט — פּאָר, אַדי ,,וואָס פֿאַר אַ
הוט זי טראָגט, אַן עכטע פֿאַנאַמע מיט

שטרויסאימינע'נט

פֿעדערן, ניט קיין א'ע חלילה,,, שע,
בלאָנדזענדע שטערן I. ־קייט.
אימינע'נט — אַדי. <איי <ל. וואָס קען
באַלד געשען (געוויינלעך וועגן אַ סכּנה, אַ
צרה). א'ע אומגליקן. ־קייט.
אימיסנע — אַדוו. דזוו א מישנע ←, 595.
,,איך האָבֿ געזען דאָס מיידל א, בשעת איך
בין געפֿאָרן אַנומלט יאָרצײַט האָבן אין שטאָט
אַרײַן“, יאַ, שטערנטיכל, לייַפּציק 1862.
אימיצער — ← אימעצער.

(אי)מירצעשעם — ← אָם־ירצה־השם.
אימס — 1. אַרכ. אַנשטאָט אים עס. אויך דזוו
א י ם. [פֿאָרעם פֿון אַן אַלטן גענייטיוו.] אין
אַלטער ליטעראַטור, אויסגעלייגט אימש פֿרגל
איכ'ס. „נים ארדא [= ערד]... אין איין
טוכליין אונ, לייג אימשׂ אונטר דען קופּף...„,
כּ„י 'ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17] בֿיר
„ .
געבֿט אימשׂ, ליבֿר הער, זוא ווערט מײַן קינד
דר נירט [= דערנערט, געראַטעוועט]“,
שמואלבֿוך, סטראָפֿע 34. „ווען אימנט וואשׂ אויף אים
גיהערט האָט דער זאָל אימ□t בֿרענגין אַן
טאגין...„, עיון, י/א. “ער טוט תּש□בֿה, דא איז
אימ□ הקבֿ“ה מוחל“, לט1, כח/א.
2. פֿטמ, פֿאָסעסיוו פֿון ער, אַנשטאָט ז ײַ ־
נ ע ר. „א, אַ ווײַטער קרובֿ„. „איר טאַטע איז
אַ נאמן בײַ די מצות... איר מוטער אַליין
איז גאָר א, אַן אייניקל“, ש. בעקערמאַן, די
יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886.
אימע — די, ־ס. Mhd: imi(n). פּאָד, גאַליציע.
מאָס פֿאַר ביר, אַן ערך אַ קוואָרט.
אויסטרינקען אַן א, ביר.
אימע — די, ־ן □ Mhd: i]□me. אַרכ. בין &

בינשטאָק. „אימן — דבֿורים„, אבֿ, שמות דבֿריס, איזנע 1542.
אימעניIניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. רוסיצ. ווער עס האָט זײַן געבוירטסטאָג [אייגנטלעך: דער נאָמען־טאָג. ווען דער אייגענער נאָמען פֿאַלט צונויף מיט אַ נאָמען פֿון אַ הייליקן פֿון דעם טאָ]. „דער צווייטער ריידיגער... האָט געהאַלטן אַ פּרעדיגט לכּבֿוד דעם א'„, קמ, 37 1863, No. ־נעס — די. בֿמ.
געבוירטטטאָג. „דו האָסט מיר פֿאַרדרייט דעם קאָפּ מיט די א'‟, משה טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק. [מינינעס — פֿון לק־טעקסט פֿון סיפּורי מעמtיות: „יהי, סעודה של יום הולדת המלך שקורין (מיניניס)... והלכו לשם על המיניניס כל הבעטלירש„.]
אימעניע — די, ־ס. סל. <רוס. גוט, הויף, גרויסע דאָרפֿישע באַלעבאַטישקייט פֿעלדער,

.

פֿיך, געבײַדעס אע. אויפֿן בעל־הבית פֿון אַן א, זאָגט מען: פּריץ. „קיין א'ס האָב איך אין מײַן לעבן ניט אויסגעמעקלט„, שע, מנחםמענדל.
אי'מעצ ער — פּראַ.)ans ie :Mhd. פּפֿ: אימעץ. אָפֿט אויסגעלייגט: אימיצ(ער).

דזוו עמעצער. אַן אומבאַקאַנטער אָדער דער וואָס מע ווייסט זײַן נאָמען, אָבער עס איז ניט וויכטיק, אָדער מע וויל ניט אים אָנרופֿן. ווער

1261

דאָס זאָל ניט זײַן, איינער. „א'ער האָט זיך דערוואוסט און האָט אַלעמען דערציילט„. „עס ווילט זיך אַמאָל אויסרעדן דאָס האַרץ פֿאַר א'ן„. „אַז א'ער פֿרעגט — מוז מען ניט ענטפֿערן„, שוו. „האבי איך אימ'ץ הין גשיקט און צו זעהין אובֿ זיא לשם איזט„, גה, ז, 328. “קען אים יוי א'ער אויסזאָגן„, מס, קהלת תּקע„ט, ו, 12. „ווען דער בעל־תּשובֿה זעט א'ן אַן עבֿירה טאָן, זאָל ער אים זאָגן“, לט2, ל/א. „איך טו אָ קוק, גייט אַרויף א'ער עפּעס ווי אַ שוואַרציאָר...„, מרדכי אָסטראָווסקי..., אַ מענטש אָהן אַ קאָפּ, זשיטאָמיר 1876. „אַז מע האָט געדאַרפֿט א'ן מאַבן אַ פֿאָנפֿע...“, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע. אויך: אימענצער, פֿטמ. „עס איז אַ ספֿק, טאָמער איז א, געווען אינעוויניק“, לט2, ע/ב.

אימער — אַדוו. ◻ ◻Mhd: imme. אַרכ. אין נײַיִדיש — דטשמ [געווען פֿאַרשפּרייט אין ליטרש.

כמעט ניט געניצט מער זינט 20. י,,ה]. תּמיד, שטענדיק. אַלעמאָל, אין אַלע צײַטן. ,,... קומט אימר איינז אויף דז אַנדר,,, פּראָגבֿ, ז, 11. ,,טוט אונשׂ המקום בּ״ה אַלישׂ גוטישׂ וואור פֿיר מיר אים אימיר איבֿיקליך דנקין“, גה, ז, 94. ,,איין אשה... זאָל אימר צו הויז בּלײַבֿן,,, עח, יט/ד. ,,שלמה המלך... דיא אין גיהאָרשׂימה אימר מיט שאַרפֿה שטראָף טרײַאיט,,, משלי בּלשון אַשכּנז פֿפֿדמ 1713, הקדמה. ,,דרום זאָל מען

□

א, אין שול גיין תּפֿילה טאָן“, צור, הפֿטרת בּראשית.

,,... דאז זיא אימּער מיט שׂררות אומגאַיט“, אַהרן וואָלפֿסזאָהן, לײַכטזין אונד פֿרעממעלײַא, אַמשט 1798. ,,די וועלט איז א, פֿאַרנאַרט,,, אמד, סיפּורי מוסר, ווילנע 1875. ,,... אַוועק שוין אין שוואַרצן א',,, [סובֿ] אַל. ,,איך טרעף אים א, שלאָפֿנדיק, איך זע אים נאָר בּײַנאַכט“, מר, 'מײַן ייִנגעלע,.

א, און א י י בּ י ק — אויף שטענדיק. לע□לם ועד. ,,אוימר אונ, איוויקליכן אונטר עלי גיזיצן יונגיא לײַט זולן שטערבֿן, קיין אַלטן זול מן וינדן [= געפֿינען],,, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 64. ,,מיר וועלן אַלי בּייד דר פֿון טראבֿן. אימר אונ,

איבּיג וויל איך דיך האבּן,,, ספֿר משלים, מו/ג.
,,דו בּלײַבּשׂט אימר און אײבּיג און דוא איבּר
לעבּשׂט אַלי דײַן בּשעפֿעניש“, תּחנות ובקשות,
דיהרנפֿורט 1798, ז/ב.

אי'מערדאַר — אַדוו. Mhd: imme□-(l□ פֿ r.

אַרכ. תּמיד, בּאַשטענדיק. כּסדר. □. אומדאַר
(564). ← אימער. “דא וואושׂט ער ניט וואו ער
וואַר, ער שריא אימרדר,,, 'מעשׂה בּריעה
וזימרה, [ייִבֿל, 3 1938, No-4]. ,,בּימים טובֿים ווען מן
דוכין גייט, דא זול מן קיין כּהן אויף רופֿן אויז
איין אַנדרי שול, נייארט איין כּהן דער
אימרדאַר גייט אין דיא זעלבּיגי שול,,, תּקק. אויך:
אי'מערטאַר — ,,גאָט דער דא אימרטר ווער
זײַן,,, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, בּ/א. אויך:
אי'מערטאַרן — ,,מן זאָל אימרטרן בּ[ר]
יזליך בּרוט לאָזן איבּר בּלײַבּן ווען מן בּענשן
וויל“, מנהגים, פֿפֿדמ 1729.
אי'מערווײַבּ — די?. געווענע ווײַבּ,

געאימפּאָזיציע

גטע. ,,זײַן [דעם פּריצ(ע)ס] ווײַבּ... גייט פֿאַר
צוויי גילדן אַ הײַבּעלע, און זײַן אָרעמען
קרעטשמערס, ווי אײַער א', קויטיקע

קבֿצנטעווײַבֿ גײט אין אַ שטערנטיכל,,, יאַ, שטערנטיכל, לײַפּציק 1862, ז, 137. ,,פֿאַרגעס ניט אײן אויגנבֿליק פֿון ווײַבֿ ביז א, איז אַ חילוק,,,
י. מ. ליפֿשיץ, קמ, 9 1862, No. [נש געהערט פֿון אַן אַלטער זשיטאָמירער פֿרוי אַז זי געדענקט פֿון אַמאָל די ווערטער: א', אימערמאַן, אימערשווער, אימערשוויגער.]

אימערמאַן — דער, ־ען? געוועזענער מאַן.
,,ער איז... נישט קײן קאַרטיאָזשניק, אַזוי ווי דײַן א, איז געווען", אולריך קאַלמוס, ייִפֿאָל, 6 1886, No, בײַלאַגע.

אי'מערמער — אַדוו. אַרכ. דזוו אימער ←.
,,סיומא — אײן אויף הערונג פֿון צו אימר מער אונ, אויך ניט צו די שמטה", [טײַטש פֿון] ... אַקדמות פֿיורדא 1694 [פֿש III].
,...

אימערס◻יע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
אײַנטונקונג, טויכונג. ספּעצ ווי אַ ניט־ייִדישער רעליגיעזער אַקט. —יאָניסט — קריסט וואָס האַלט אַז ,טבֿילה, איז אַן עיקרדיקער אַקט.
2. (אַסטראָנאָמיע) דאָס 'באַהאַלטן זיך, פֿון אַ הימלשן קערפּער הינטער אָדער אין שאָטן פֿון אַ צווייטן.

אימערצו — אַדוו. אַרכ. דזוו אימער ←.

,,איך האבּ אימר צו גיזאגט...,,, פּראָגבּ ז, 1.
,,יוסף ליבּ... פֿרעגט אימר צו...,,, דאָרטן,
ז, 44. ,,אַזו לאַנג אַז ער בּענשט זאָל ער ניט
אויז זעהן, ער זאָל אימר צו אין דז כּוס
הניין זעהן,,, לט 1, קמב/א.
אי'מערשוויגער — די. געוועזענע שוויגער.
מוט□ר פֿון פֿרוי וואָס מע האָט געגט. ←
אימערווײַבּ.
אימערשווער — דער. געוועזענער שווער.
פֿאָטער פֿון פֿרוי וואָס מע האָט געגט.
דערמאָנט בּײַ ייִל, די וויבּאָרעס. ,,מײַן א'...
וועלכער האָט אונדז געטאָן אַזוי פֿיל שלעכטס“,
עוזר בּלאָשטיין, דער כּהן, ווילנע 1896.
אימפּאָזאַ'נט — אַדי. <□ייִ <פֿר. 1. וואָס
איז אָנזעעוודיק, שטאַלטיק. ,,אין זײַן בּרייטער
א'ער פֿיגור, אין זײַן פֿעסטן טריט איז
געלעגן אַזוי פֿיל זיכערקייט,,, ייִז, בּרידער
אַשכּנזי. 2. וויכטיק, גרויסצאָליק. וואָס מע
דאַרף זיך רעכענען מיט דעם. אַן א'ע
אויספֿאָרשונג. א'ע סטאַטיסטישע טאַבּעלע. 3. וואָס
רופֿט אַרויס רעספּעקט, דרך־ארץ, חשיבֿות,
בּאַוואונדערונג. אַן א'ע פֿאָרשטעלונג. “אָדער
מיר זײַנען א'ע בּיבּלישע געשטאַלטן וואָס רעדן
מיט פּסוקים... אָדער מיר זײַנען קאָמישע

רשעים“, מןק, טעאַטער און איד, טעאַטער. „אין
די לעצטע צענדלינג יאָר איז ער געווען די
א'סטע פֿיגור אין סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן„,
גרינ, מענטשן און ווערטן ־קייט.
אימפּאָזיציע — די, ־ס. <איי <ל. 1. שטײַ־.
ער, אַרויפֿגעצוואונגענע קאָנטריבוציע. צאָלן א'ס.
2. עפּעס וואָס איז אַרויפֿגעצוואונגען. „ווי אַ
פֿאָרעם פֿון א, פֿון אַן אויטאָריטעט“, א. גאָרדאָן,

אימפּאָטע'נט

היימיש, אַפּריל 1958. „וואָלט געווען צו פֿיל
א', אויב מיר וואָלטן אײַך געבעטן זיך צוזעצן
בײַ אונדזער טיש?„, באַש פֿאָר, 22 1967 XII.

,

3. (דרוקערײַ) אויסגעזעצטע זײַטן,
אויסגעלייגטע לויט דער אָרדענונג־צאָל, גרייט פֿאַר דער
דרוקמאַשין.
אימפּאָטע'נט — אַדי. <איי <ל. וואָס איז
אָן פּאָטענץ, וואָס האָט ניט קיין כּוח, קיין
מעגלעכקייט צו טאָן, דורכצופֿירן.
אומקרעפּטיק, אָנמאַכטיק, אומפֿעאיק. ספּעצ בנוגע
סעקסועלע באַציאונגען. א'ע אבֿרים נאָך אַן אַטאַק,
אַ פּאַראַליז. „אַ מערקווערדיקע טעמע... די

ליבע פֿון אַן א'ן,,, קאָר I פֿאַראַן שרײַבער וואָס
. ,,
אַליין זײַנען זיי גאָר א', נאָר זייער פּראָדוקציע
איז איבערגעלאָדן מיט סעקס,,, ב. פֿענסטער,
פֿאָר, 2 1965 II. ,,וויבאַלד אַז צווישן די וואָס
שרײַבן קריטיק זײַנען דאָ אַזוינע וואָס זײַנען
א', אומפֿעאיק, — הייסט עס אַז קריטיק איז
אַן 'אינסטיטוט פֿון סריסים'[?],,, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II. ־קייט.
אימפּאָטענץ — די, ־ן. 1. אומקראַפֿט,
דוחק אין פֿיזישער קראַפֿט, ספּעצ בנוגע
סעקסועלער אַקטיווקייט; מענער־שוואַכקייט.
פֿונקציאָנעלע א'. ,,אַ סך יונגעלײַט נעמען דאָס אָן
על־פּי טעות פֿאַר א'", פֿגעז, ווילנע 1929,
15 No. ,,סעקסועלע א, איז אַ חרפּה און
אָפֿטמאָל אַ סימן פֿון דעגענעראַציע", גרינ'...
טאָגבוך. 2. גײַסטיקע אָדער אינטעלעקטועלע
אומקראַפֿט. ,,... ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט
וואָס צו זאָגן... אַ קוק טוענדיק אויף זײַן
פּנים, זעט מען גלײַך אַז דאָס איז די א, אַליין,,,
אָפּאַ, היברו.
אימפּאַלאַ — דער & די, ־ס. אַנטילאָפּ פֿון
דרום אַפֿריקע. רויטער באָק. "מיר זעען פֿאַר
-

זיך גרויסע סטאַדעס פֿון א'ס. זיי לויפֿן
אויסערגעוויינלעך שנעל... זיי זעען אויס זייער
ריין און די זכרים האָבּן הויכע געדרייטע
הערנער״, ש בּײקער, טמז, 19 9 ▯ l9 III.
אימפּאָנדעראַבּ יל אַ — די. בּמ. <איי <ל.
▯ י
אויך: ־יליען, —יליעס, ־לען. 1. 'וואָס
מע קען ניט וועגן'. (לויט אַ פֿאַרעלטערטער
טעאָריע אין דער פֿיזיק) סובּסטאַנצן וואָס האָבּן
ניט קיין שווערקייט: ליכט, וואַרעמקייט,
מאַגנעטיזם אאַ. 2. בּאַדינגונגען, קאָניוקטורן,
געזעלשאַפֿטלעכע, גײַסטיקע (אומפֿאַרשטענדלעכע)
כּוחות וואָס לאָזן זיך ניט מעסטן און וואָס
ס'איז גרינג זיי צו פֿאַרזען, אָבּער וואָס זײַנען
אין־דער־אמתן וויכטיק און וואָגיק. „אַלע
אונדזערע גוטע אָדער בּייזע נבֿיאות וועגן דעם
ייִדישן 'מת, זײַנען דאָך סוף־כּל־סוף געבּויט
אויף א'יליען״, שנ, קריטיק און קריטיקער.
„זייערע אויפֿגעפֿלאַמטע בענקשאַפֿטן זײַנען
רעאַליסטישע א'יליען״, ש. בּיקל, שרײַבּער ▯ון
מײַן דור I. ״איינע פֿון יענע א'לען וואָס דער
מענטשלעכער שׂכל בּלײַבּט שטיין פֿאַר זיי ווי
פֿאַר אַ בּלינדער וואַנט״, בּאַש, איק, ר״ה תשי״ח.

אימפּאָנירן — אוטוו (אויך טרוו). ־ניר,
אימפּאָנירט. <ד□.טש <ל. 1. מאַכן אַ שטאַרקן
אײַנדרוק; אַרויסרופֿן צו זיך רעספּעקט,

דרך1262

ארץ. האָבּן (קריגן) אָנזען. ער אימפּאָנירט מ י ר
מ י ט זײַן האַלטן זיך. זײַן פֿעסט האַלטן זיך
אימפּאָנירט מיך. אַ מאָראַלישער כּוח וואָס
אימפּאָנירט. „אימפּאָנירט ער מיט דער באָרד דער
בּרייט־צעקעמטער... מיטן שווערן ערנסט און
מיט דעם טראָט דעם לײַכטן“, אַל I, 'צוויי
פּיאָנערן'. „ווייסט אַז מיר א, נ□ט קיין מונדירן“,
ייִז, משפּחה קאַרנאָווסקי. “אין אַ ריינער וועלט
האָבּן מיר נאָך אין אונדזער קולטור מיט וואָס
צו א', בּאַגײַסטערן“, שטריגלער, שמועסן מיט
דער צ□.ט.
2. שפּאַ. טרוו. נייטן צו עפּעס,
אַרויפֿצווינגען. אַרומגיין און א, די בּיכער אויף די
בּאַקאַנטע.
־דיק — אַדי. „מעגן די איינציקע...
אויפֿטואונגען אונדזערע ניט זײַן אַזוי א', אַלע
אינאיינעם זײַנען זיי פֿיל ווערט“, שנ, שלום אַש.

אימפּאַ'ס — דער, ־ן. <פֿר. 'אָן דורכגאַנג'.
אַ שמאָל געסל אָן אַ דורכגאַנג. „אין ווינקל
פֿון דעם שמאָלן, טונקעלן א'“, מאָל פֿריידקע.

,

פֿיג. שווערע פֿאַרפֿלאָנטערטע סיטואַציע. בלײַבן

,

שטעקן אין אַן א, און ניט קענען זיך געבן אַן
עצה.
אימפּאַסטאָ — די (?), ־ס. <איט.
געדיכטער(ער) אויפֿלאָג פֿון אַ ▯אַרב אויף אַ לײַוונט
(אַרויסברענגען אַ טייל פֿון געמעל אין רעליעף).
אימפּאַציענס — דער, ־ן. ,אומגעדולד'. (
באָטאַניק) ווילדער געוויקס
מיט זאַפֿטיקן קרײַטעך;
-
וואַקסט אין פֿײַכטע
וועלדער אין אַלע קלימאַטן.
דער לעבנס־דויער איז
איין יאָר. די פֿרוכט פֿון
א, איז אַ פֿענכער,
אָנגעפֿילט מיט קערנער, וואָס
פּלאַצט בײַם מינדסטן
באַריר (דערפֿון נעמט זיך דער נאָמען).
אימפּאָ'רט — דער, ־ן (זן). אַרײַנפֿיר.

זאַמלנאָמען פֿאַר אַלערליי סחורות, אַרטיקלען
וואָס ווערן אַרײַנגעפֿירט אין אַ לאַנד פֿונעם
אויסלאַנד. היפּוך: עקספּאָרט. א'־ה אַ נ ד ל. א'־
ה ע נ ד ל ע ר. א'־ש ט ײַ ע ר. א'־פּ י ר מ ע.
־אַציע — אַקט אָדער פּראָצעס פֿון
אימפּאָרטירן סחורות. אַ ביליקע א'.
אימפּאָרטירן — טרוו ־טיר, אימפּאָרטירט.
.
>איי <ל. 1. אַרײַנברענגען, אַרײַנפֿירן
סחורה, פּראָדוקטן, פֿאַבריקאַטן אָדער
רוימאַטעריאַלן פֿון אויסלאַנד. היפּוך: עקספּאָרטירן.
א, אײַזן, אייל, מאַשינען, פּרוכטן, ווייץ אאַזוו.
געהיים א, געווער פֿאַר דער ייִדישער זעלבשוץ.
2. בכלל אַרײַנברענגען פֿון דער פֿרעמד. א,
כלות, חתנים. א, שוואַרצאַרבעטער, געלערנטע
אאזוו „איך האָב אימפּאָרטירט אַן עכט רוסישן
באָד־גוי מיט סמיכה פֿון אַ קאָזאַצקן
אונטעראָפֿיציר“, דער לאַנד חכם, נ"י 1894. “א, פֿאַר
זײַן זון אַ פֿרוי פֿון גאַנץ ווײַט“, ירמי, יוסף
יאַקאָבזאָהן המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
3. אײַנפֿירן אַן אידיי(ע), באַוועגונג, שטייגער

אימפּלאַגירן

פֿון דער פֿרעמד. א, פֿראַנקפֿורטער פֿרומקייט.
א, די רעוואָלוציע קיין.... א, ייִדנהאַס. „צי
קענסטו א, מיר פֿון אָריענט... די חכמה און
די רואיקייט פֿון אַלטע גראָע לײַט“, רבֿקה
גאַלין, לידער און דערציילונגען, נ״י 1937. „די
אַלע אַמעריקאַנער 'שטיק, זײַנען ביז דער צײַט
ניט סיסטעמאַטיש אימפּאָרטירט געוואָרן“, מוק,
מײַנע באַגעגענישן II.

אימפּאָרטן — אַמ. אימפּאָרטער —
אַמ. אימפּאָרטירער.

—ירט — פֿאַר, אַדי. „זוכן כסדר א'ע אמתן
מיטן שטעמפּל פֿון אַ פֿרעמדער קולטור„, אַ.
מענעס פֿאָר, 27 1968 I.

,
־ירונג. ־ירער. אויך: אימפּאָרטיאָ'ר,
אימפּאָרטע'ר.

אימפּו'לס — דער, ־ן. <איי <ל. 1.
פּלוצעמדיקער שטויס וואָס ווערט אַ סיבה פֿאַר אַ
באַוועגונג. טרײַבקראַפֿט. אַ שטאַרקער א'. לאָזן
אין גאַנג די מאַשין מיט אַן א, פֿון דאַמף.
נערוון־א'. געבן אַן א, צו עפּעס. 2.
אינעווייניקסטער דראַנג, פּלוצעמדיקע אָנרעגונג (אָן
אַ באַטראַכטן זיך אָדער איבערלייגן זיך). אַן
א, צו וויינען, צו טאַנצן פֿאַר שׂמחה, צו קושן

זיך אאַזוו. 3. סטימול, מאָטיוו, סיבה. „זיך
צופֿרידנגעשטעלט מיט זײַן גוטן לעכן און ניט
געהאַט מער קיין א, צו שרײַבן„, שנ, קריטיק
און קריטיקער. “... פּאַראַליזירט דעם לעצטן
א'... צו רעקאָנסטרואירן אונדזער
ווירקלעכקייט“, ש. ראַווידאָוויטש, ייִבל 2 ,XXI.
אימפּולסי'וו — אַדי. 1. וואָס ווײַזט אַרויס,
וואָס האָט אין זיך אַן אימפּולס. אַן א'ע
באַוועגונג. 2. אומבאַרעכנט, איבערגעאײַלט,
דרינגעוודיק. וואָס איז מיט אימפּעט,
אויפֿגערודערט. אַן א'ער טעמפּעראַמענט. אַן א'ער
באַשלוס פֿאַרוואַנדלען דעם סטיכישן און א'ן
„ .
נאַציאָנאַליזם אין אַ באַוואוסטזיניק
פּראָלעטאַריש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק“, זשיט I, נ“י
.1917
„ביים קינד זײַנען די געדאַנקען א'ע, דיקטירט...
נאָר פֿון געפֿיל“, יtראל רובין, קינד און
דערוואַקסענער, ווילנע 1925. ־קייט.
אימפּי'טש ן — טרוו. ־פּי'טש, אימפּי'טשט.
eaeh][o im : < . אַמ. באַשולדיקן אין אַ
פֿאַרברעכן און אַראָפּזעצן פֿון אַמט אַ פֿערזאָן
וואָס פֿאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין אַ צווײַג

פֿון דער מלוכה. [א, קען מען נאָר לויט אַ
פּראָצעדור וואָס איז אײַנגעשטעלט אין געזעץ —
אין ענגלאַנד, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.]
א, דעם פּרעזידענט. דערפֿון אויך: א, דעם
פּרעזידענט פֿון פֿאַראיין ־מענט — אין

.

די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿירט דורך דעם א,
דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז און דעם משפּט מיטן
אורטייל — דער סענאַט.
אימפּלאַגירן — טרוו. ־גיר, אימפּלאַגירט. אַרכ.
צונויפֿקריגן פֿאַרגרייטן. “... דשׂ בּדיעה האָכ

,

נאָך י״ט [יום־טובֿ] אי״ה נאָך מקום צו קומן,
דען ווער זעלבּר זעהן אויבֿ וואשׂ עורות
אימפּלאַגירין קאַן“, בּריוו פֿון 1763 [□, □□□□e□, □, □
h□□□,. □□□□ □□□□□□□)□, ן. □י. □, □] □□o. 34□
Mh□□□□ן□. □.
[193'7-

אימפּלאָזיע

אימפּלאָIזיע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
צונויפֿדריק. א, בּון אַ גאַז, עס זאָל קענען ווערן
אַן עקספּלאָזיע, אַן אויפֿרײַס. 2. (פֿאָנעטיק)

צונויפֿדריק פֿון באַשטימטע רייד־אָרגאַנען צו
פֿאַרהאַלטן אויף אַ רגע דעם לופֿט־שטראָם.
עס קומט פֿאָר אַן א, בײַם אַרויסברענגען די
קאָנסאָנאַנטן [□], [ט], [ק]. ־זיוו — אַדי.
א'ע קאָנסאָנאַנטן.

אימפּליקאַ□ציע—די, ־ס. <איי <ל. 1. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון אימפּליקירן, ← דווו.
2. אײַנשליסונג (פֿון איין באַגריף, ענין אין
אַ צווייטן). אײַנוויקלונג, צונויפֿוויקלונג,
צונויפֿפֿלעכט פֿון אַ באַגריף, ענין, געשעעניש,
מיט אַן אויספֿיר אָדער אַ מעגלעכן פֿועל־יוצא.
„'דת העבֿודה, (די רעליגיע פֿון אַרבעט) מיט
דער... א, אַז ווער עס טוט ניט קיין.. פֿיזישע
אַרבעט, פֿירט פֿאַקטיש אַ פּאַראַזיטיש לעבן,,,
גרינ, איד און וועלט. „ער האָט די דאָזיקע
טעאָריע גוט פֿאַרשטאַנען מיט אַלע אירע א'ס,,,
יע, ייִשפּ X□I, 1. ־טיוו — אַדי.

אימפּליקירן — טרוו. ־קיר, אימפּליקירט.
אַרײַנמישן, אַרײַנציִען, אַרײַנוויקלען (עמעצן,
עפּעס) אין אַן ענין. א, אַן אומשולדיקן אין אַ
קרימינעלן פּראָצעס. א, זײַטיקע ענינים אין אַ
דיסקוסיע. „עס זײַנען דאָ אימפּליקירט גענוג
באַווײַזן, אַז ער... האָט צוריקגעהאַלטן איר

געלט,,, מ. דוכאָווני, טאָג, 11 1958 X. ־ונג.
אימפּלעמענט▯ירן — טרוו. ־טיר,
אימפּלעמענטירט. <איי <ל. פֿאַקטיש דורכפֿירן אין לעבן. א, אַן אָפּמאַך. א, דאָס שטרענגע געזעץ קעגן סטרײַקן. ־ירונג — "די א, פֿון די דאָזיקע געזעצן...", טמז, 18 ▯1963 II. ־אַציע.
אימפּעט — דער, ־ן (זן). אויך: אימפּענט,
פֿטמ. <פּויל <ל — im]קpe▯us — ,שטאַרקער שטורעם'.
1. ברען, אַרויסווײַז פֿון ענערגיע, פֿון כּוח. מיט גרויס א'. מיטן גאַנצן א, בויען דאָס ייִדישע ▯אַנד. זיך נעמען צו דער אַרבעט (פֿירן אַ קאַמף) ▯I

מיט א'. "טוען זיך געשווינד אַ נעם צו די בײַדלעך מיט א'", ממוס, פּישקע. ,,מיטן גאַנצן א, . ▯. א פֿלי געטאָן אין לופֿט", ייִז, אַלט־שטאָט,.
,

-
,,דעם א, פֿון די נאַלעווקעס האָב איך אין ליד

געירשנט“, רוב, חורבן פוילן.

2. אויפֿבּרויז, אויפֿרעגונג. אַרויסוווּיז פֿון אַ שטאַרק געפֿיל. אָנשטרענג. אַ ווילדער (משוגענער) א,. שרײַען געוואַלד מיט א'. „אים אַלץ אונטערגעגעבן קוראַזש; און איז געלאָפֿן מיט א, פֿאָרויס“, ממוס, מסעות. „דאָס האָט אָנגעוואַרעמט זײַן בלוט... אַן א, האָט אים אַרומגענומען“, ייִז, קאַרנאָווסקי.

3. האַסט, גרויס אײַליקייט. אין איין א'. זיך אויפֿכאַפּן מיט א'. דאָס וואַסער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט א'. „געלאָפֿן, געאײַלט זיך מיט גרויס א',„ ממוס, אין אַ שטורס־צײַט. „האָט זי דעם טאָפּ אויפֿן קיך געלאָזט לויפֿן, און איז אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב מיט אַ שׂמחה, מיט אַן א,„, יד, אבן נגף. „זי האָט געלאָזט אירע פֿינגער איבּער די קלאַווישן מיט אַזאַ א, ווי איינער וואָס וואַרפֿט זיך אין אַ... טײַך„, ספּ, סודות.

„מע באַפּט גיך אויף זיך די רעקלעך און מע לאָזט זיך מיט א, אין גאַס אַרײַן„, יר III.

4. רעש, טומל, גערודער. אַן א, ווי אויף אַ אַריד פֿון גרויס א, פֿאַרגעסן דאָס קינד

' . ,,
אין קימפּעט“, שוו. ,,אין מיטן לערנערס רעדן
האָט די טיר זיך געעפֿנט מיט גרויס א',,, ספּ,
סודות. ,,[ער] פֿאַרמאָגט דעם פֿאַרשײַטן א, פֿון
אויפֿגעקומענקייט“, ייִט, פוילן I . ,,מע יאָגט
זיך מיט גרעסערן א, און טומל נאָך אַ האָז ווי
נאָך אַ לייבֿ,,, קאָר II.

5. אינערציע (געוויינלעך פֿון אַן אײַליקער
בּאַוועגונג). אַן א, פֿון אַן אײַנגעשטעלטן
מעכאַניזם. ,,דאָ אַרבּעט [ניט] קיין גבֿורה, דער א,
נאָר פראַצעוועט איצט“, מר, 'דער בּלייכער
אַפּרייטער'. ,,דער פֿאַרהונגערטער לעבּנס־א,
קומט וו אַ... דראַנג נאָך ,פֿאַרווײַלונג',, פֿ.
'
שניאורסאָן, מענטש־וויסנשאַפֿט. (שפּאַסיק) ,,מיט
א גוטן א',, פֿוול = מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

—

6. שטאַרקער ווינט. שטורעמווינט. [
ערשטיקער בּ] אין לק־טעקסט פֿון סיפּורי מע I יות —
,,ומגודל הסערה שקורין (אומפּיט) נשברה
הספֿינה,,; אין ייִדישן טעקסט: ,,מחמת דעם גרויסן
אומפּיט איז די שיף צעבּראָכן געוואָרן,,.
אי'מפּעט (ד)יק — אַדי. וואָס האָט אין זיך

אימפּעט. א'ע (קולטור־)אַרבעט, טעטיקייט.
א'פֿול — וואָס איז פֿול מיט אימפּעט. א,
וואַקסן. א'ע פּערזן. „יונגע א'ע דיכטער“,
וויספּע, קאָוונע 1923, העפֿט א־ב.

אי'מפּעטוועג — דער, ־ן. א□וו. וועג צום
לויפֿן בײַ אַ פּאַרמעסט.

אי'מפּעטלאָז — אַדי. אָנאימפּעטדיק. וואָס
איז אָן (האָט ניט אין זיך קיין) אימפֿעט.

אימפּעטראָד — די, ־רעדער. א□וו. ראָד וואָס
דרייט זיך זייער גיך.

אימפּעראַטאָר — דער, ־אָ'רן, ־ס. ווב ־ין, ־ס.
פֿרוי — ־שע, ־ס. <איי <ל. ,באַפֿעלער'. טיטל
סאַר אַ הערשער איבער אַן אימפּעריע. די א'ן
-

פֿון דער רוימישער אימפּעריע זינט יוליוס
צעזאַר. דער קיניג פֿון ענגלאַנד איז גלײַכצײַטיק
געווען דער א, פֿון דער בריטישער אימפּעריע.
דער צאַר האָט גלײַכצײַטיק געהאַט דעם טיטל
א'. „גלייבט ניט די שׂונאים אונדזערע,
געטלעכער א'„, ייִט, 'טיטוס און יאָזעפֿוס,. „ד אַלע
,

ראַיות האָבן איבערגעצײַגט דעם א, וואָס האָט

געוואָלט זיך איבּערצײַגן,,, ים, איבּז, שד II □.
־יש — אַדי. אויך: הערשעריש, בּאַפֿעלעריש.
אי'מפּעראַטי'וו — דער, ־ן. <איי <ל.

1. דאָס וואָס מע מוז (מען איז געצוואונגען צו) טאָן. מוז־זאַך. בּאַפֿעל ניט אָפּצופֿרעגן. ,,אָפּערירן דעם חולה איז אַן א', ס'איז אַ פֿראַגע פֿון לעבּן און טויט“. ,,וואָס זאַטער זיי וועלן אָנפֿיטערן זייערע שווערדן מיט פֿלייש — אַלץ בּעסער;

דאָס איז דער לאָגישער א, פֿון קריג“, זשיט III □ י, נ,,י 1917.

2. בּאַפֿעל־מאָדוס פֿון ווערבּ. שטיי, גיי (ניט), טו, סטראַשע (ניט), זײַ מוחל, ווער געהרגעט אאַזוו. [דער א, אין ייִדיש האָט פֿשוטע פֿאָרמען נאָר פֿאַר דער צווייטער פּערזאָן. אין אצ

אימפּעריאַ'ל

ניטאָ קיין ענדונג (אָדער פֿאַראַן אַן נול־ענדונג); אין מצ — די ענדונג ־ט: שטייט, גייט (ניט), טוט, זײַט מוחל, סטראַשעט ניט אאַזוו. דער הילפֿסווערבּ וו ע ל ן און די מאָדאַלע ווערבּן ד אַ ר פֿ ן , מ ו ז ן , מ ע ג ן האָבּן ניט קיין צווייטע פּערזאָן א'. אַנשטאָט וו ייִ ס , וו ייִ ס ט קומט געוויינלעך ז ײַ (ט) וו י ס ז.

מע רעכנט צו צום א, די פֿאָרמען
צונויפֿגעזעצטע מיט ל אָ מ י ך , ל אָ מ י ר ווי די
ערשטע פערזאָן און מיט ל אָ ז אָדער ז אָ ל ווי
די דריטע פּערזאָן. בּאַקומט זיך אַזאַ סבעמע;
אצ — לאָמיך שטיין, שטיי, זאָל (לאָז) ער
שטיין; מצ — לאָמיר שטיין, שטייט, זאָלן
(לאָזן) זיי שטיין. אויך די צווייטע פּערזאָן קען
אויסגעדריקט ווערן מיט — זאָלסט....] "זאָלסט
ניט האָבּן אַנדערע געטער... האַלט אין כּבֿוד
דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער... זאָלסט ניט
זאָגן אויף דײַן חבֿר פֿאַלשע עדות,,, תּי, שמות,
כ, 13 ,3, 12. ק אַ ט ע ג אָ ר י ש ע ר א , —
לויט קאַנטס עטיק: שׂכלדיקער עטישער כּלל
וואָס קען און דאַרף אָנגענומען ווערן וו אַן
י
אוניווערסאַל געזעץ פֿאַר אַלעמען און אין אַלע
צײַטן. ,,די וועלט איז ניט בּאַשאַפֿן געוואָרן
דורכצופֿירן קאַטעגאָרישע א'ן", גרינ, מענטשן
און וועדטן.
אימפּעראַטי'וו — אַדי. ← דפֿוו. וואָס איז
אַ מוז, אַ געבאָט. בּאַפֿ[עלעריש, געבּיטעריש.
,,וואָס איז 'ואהבֿת לרעך כּמוך,... הלכה אָדער
אַגדה? געזאָגט געוואָרן איז עס אין אַן א'ער
פֿאָרעם, גראַמאַטיקאַליש קלינגט עס וו אַ

פֿעל, און דאָך איז עס אין תּוך רייַנסטע אַגדה,,,
גרינ, איד און וועלט. אויך: מיטן סופֿיקס ־יש
— ,,גאָט זאָל מיך שטראָפֿן,' — און ניט א',
,שטראָף מיך גאָט', ד,,ה, 'דו גאָט, שטראָף
מיך,,,, נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 6־7.
אימסערזאָנ אַציע — די, ־ס. דזוו
פּערזאָניפֿיצירונג, פּערזאָניפֿיקאַציע ־אַטאָר —
.
ווער עס אימפּערזאָנירט. ־ירן — טרוו.
פּערזאָניפֿיצירן. ← אימפּערסאָנירן ־ירונג.
.
אימפּעריאַ'ל — דער, ־ן. <פֿר. 1.]
אַרויסגערעדט אויך: פּריאַל, פּעריאַל, פּרעיאַל,
אימפּרעיאַל] גרעסטע גאָלדענע מטבע אין צאַרישן
רוסלאַנד, אין ווערט פֿון 10 (שפּעטער 15)
רובל. ,,ער האָט שוין דאָס גאָלד און זילבער
און האַלבע א'ן", שע, פֿונעם יאַריד I. ,,אויף
אַ פּאָר הונדערט רובל האָט זי גאָלדענע א'ן
וועלכע האָבן איצט אַ ווערט פֿון... מיליאָנען",
ספּ, סודות. ,,... האָט גענומען אין האַנט אַרײַן
[זײַן] וועסטל און געוויזן... — זעסט, כ'האָב
אים דאָ אײַנגענייט פֿינף א'ן,,, אָפּאַ, אין
פּוילישע וועלדער. 2. צווייטער שטאָק פֿון אַן

אָמניבוס אָדער טראַמווײַ. דאַך פֿון אַ דיליזשאַנס.
פֿאָרן אויפֿן א'. 3. קאָרטנשפּיל געשפּילט
מיט 32 קאָרטן, ענלעך צו פּיקעט. 4. גאָר
גרויסער שריפֿט. אויך: גרויסער בויגן פּאַפּיר
פֿון 24 □ >30 צאָל. אויך: גרויס שטיק שיפּער
צו דעקן דעכער. 5. שפּיציק בערדל אויפֿן
פֿראַנצײַזישן שניט.
אימפּעריאַל — אדי. וואָס האָט אַ

שײַאימפּעריאַליזירן

כות צו אימפּעראַטאָר אָדער אימפּעריע. די א'ע
קרוין. א'ע שטעט. די א'ע רעגירונג.
אימפּעריאַליזירן — טרוו. ־זיר,
אימפּעריאַליזירט. באַהערשן שוואַכע לענדער, מאַכן פֿון
זיי קאָלאָניעס כּדי זיי צו עקספּלואַטירן. „דער
דעספּאָטיזם וואָס האָט אימפּעריאַליזירט גרויסע
ערד־שטחים„. ־ונג.
אימפּעריאַל□יזם — דער, ־ען. 1. פּאָליטיק,
פּאָליטישע שיטה, וואָס האַלט אויף, שטרעבט
אויפֿצוהאַלטן אָדער צו שאַפֿן אַן אימפּעריע
(←) דורך אַנעקסירן טעריטאָריעס (קאָלאָניעס),
בעיקר אַזעלבע וואָס זײַנען ניט בשכנות מיט
דער מעטראָפּאָליע, און צו באַהערשן

מיליטעריש און עקאָנאָמיש אַ גרעסערע צאָל לענדער,
בעיקר מיט אַ קולטורעל־אָפּגעשטאַנענער
באַפֿעלקערונג. דער א, האָט אַרויסבאַקומען פֿון די
קאָלאָניאַלע לענדער זייערע רוימאַטעריאַלן,
עקספּלואַטירט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג און
געהאַט אַן אָפּזאַצמאַרק פֿאַר דער
אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פֿון דער מעטראָפּאָליע. דער
רוימישער א'. דער א, אונטער דער פֿאָן פֿון
איסלאַם. דער א, פֿון שפּאַניע, האָלאַנד
פֿראַנק,
רײַך, ענגלאַנד. דער פֿאַשיסטישער א, וואָס
שטיצט זיך אויף דער אידייע פֿון אַ ראַסע פֿון
הערשערס. דער אַכזריותדיקער א'. דער
ליבעראַלער א, וואָס העלפֿט אין דער אַנטוויקלונג
פֿון די קאָלאָנ אַלע לענדער. 2. זן. שיטה,
י
ריכטונג וואָס שטיצט די הערשאַפֿט פֿון אַן
אימפּעראַטאָר.
־יסט — שטיצער, אָנהענגער אָדער
אויספֿירער פֿון אימפּעריאַליזם ־יסטיש —
.
אַדי. א'ע פּאָליטיק, אינטערעסן.
אימפּער▯יע — די, ־ס. <איי <ל. לאַנד
(אָדער גרופּע לענדער) וואָס זײַנען סוּווערענער

מאַכטהאָבער האָט דעם טיטל אימפּעראַטאָר.
שטאַרקע מלוכה וואָס באַהערשט אַ צאָל
לענדער און פֿעלקער, האָט קאָלאָניעס. די רוימישע
א'. „די הייליקע רוימישע א, פֿון דער
דײַטשישער נאַציע איז ניט געווען קיין הייליקע, קיין
רוימישע, צײַטנווײַז אויך ניט קיין א„„. „
איבער דער ענגלישער א, איז די זון קיינמאָל ניט
אונטערגעגאַנגען". אַ מאַכטיקע א'. די
ביזאַנטי(ני)שע א'. די רוס(לענד)ישע א,. די
יאַפּאַנישע א'. די ערשטע א, פֿון נאַפּאָלעאָנען. די
צווייטע א, פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן. "טרוימט
ער ווי די אָדלערס פֿון א, פֿליקן אויך דאָס
יִדן־לאַנד צום סוף", אַל III —יש — אַדי.

.

א'ע הויפּטבאַנק. א'ער קאַנצלער. א'ע שטעט —
וואָס האָבן אין די ראַמען פֿון דײַטשלאַנד ניט
געהערט צו קיין באַזונדער לאַנד, נאָר געווען
דירעקט אַ טייל פֿון דער אימפּעריע.

אימפּערסאָנאַ ציע — ← אימפּערזאָנאַציע.

← דוווו. ־טאָר.

אימסערסאָנירן — טרוו. ־ניר,

אימפּערסאָנירט. פּפּ. ־זאָנירן. 1 פֿאַרפּערזענלעכן;

.

פֿאָרשטעלן אַ בעל־חי אָדער אַ זאַך ווי אַ

פֿערזאָן פֿאַבלען, משלים וואָס א, מענטשלעכע
איי.
גנשאַפֿטן. 2. אימיטירן, נאָכמאַכן (אויף דער
בינע) אַ באַוואוסטע פערזאָן אָדער דעם אופֿן

שפּילן פֿון אַן אָרטיסט. בכלל נאָכמאַכן אין
אויסזען, אין מאַנירן אע. א אַרויסצורופֿן אַ
,
געלעכטער. א, מיטן ציל אָפּצונאַרן. ־ונג.
אימפּערסקע — אַדי. רוסיצ (האַרקאַווי□.
דזןו אימפעדיש.
אימפּערפֿע'ק□ט — אַדי. > איי <ל.
אומפֿולקום, אומפֿולשטענדיק, ניט־שלימותדיק,
אומפערפֿעקט (← 619). אַן א'ע פֿאָרשונג ־ציע
.
— די. פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אימפּערפֿעקט. דעפֿעקט,
פּגם. א, בײַם אַרויסברענגען די קלאַנגען פֿון
דער פֿרעמדשפּראַך ־טקייט.
.
אימפּערפֿע'קט — דער, ־ן. פֿאָרעם פֿון
דער סאַרגאַנגענער צײַט וואָס ווײַזט אַז די

טואונג האָט זיך נאָך ניט געחאַט פֿאַרענדיקט אין

דער פֿאַרגאַנגענקייט, אַז זי געדויערט נאָך
אָדער קען געדויערן. [א, איז כאַראַקטעריסטיש
פֿאַר אַ גרויסער צאָל אינדאָ־אייראָפּעאישע
שפּראַכן. דאָס הײַנטצײַטיקע ייִדיש האָט ניט
קיין א.] ,,... קלאָר צו מאַכן וואָסערע
דערשײַנונגען זײַנען אין שריפֿטדײַטש פֿאַרבליבן
אָבער אין ייִדיש אונטערגעגאַנגען (דער א', דער
געניטיוו פֿון נישט־פֿערזענלעכע הויפּטווערטער
וכ,)", נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 3 ־י'וו — אַדי.

.

אימפּראָוויזאַטאָר — דער, ־ס (־אָ'רן). וונ
־ין, ־שע, ־ס. <איי <איט. ווער עס
אימפּראָוויזירט. ,,דער באַרימטער רעדנער איז אַ
וואונדערלעכער א,,.. ,,ווי נאָר ער זעצט זיך בײַ
דער פּיאַנע, ווערט ער אַן א',.. [אין דער קאָ־.
מעדיע דעל־אַרטע איז יעדערער פֿון די שפּילערס
געווען אַן א.. זײַן אַן א, איז כאַראַקטעריסטיש
סאַרן קאָנפֿעראַנסיע אין קאַבאַרעט. די

פּורימשפּילערס זײַנען געווען אויך א'ס און האָבן
צוגעגעבן זייערע אייגענע רייד צו די נוסחאָות
פֿון פּורים־שפּילן. די בראָדער זינגערס און
בכלל זינגערס אין ווײַנקעלערן זײַנען צום טייל

געוועז א'ס. דער טיפּישער בּד ח ן אויף חתונות און אויך אויף אַנדערע שׂמחות פֿלעגט צו זײַן

 פֿון פֿריִער אײַנגעשטעלטן רעפּערטואַר צוגעבּן אימפּראָוויזאַציעס, צוגעפּאַסטע צו די באַדינגונגען פֿון צײַט און אָרט.] ־יש — אַדי ־יש.

קייט.

אימפּראָוויזאַציע — די, ־ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אימפּראָוויזירן. אַ רעדע אָן אַ פֿון פֿריִער דורכגעטראַכטן אינהאַלט און פּלאַן. אַ ליד געשאַפֿן אויף דער שטעל; אַ מעלאָדיע אויסגעשפּילט אָן פֿריִערדיקער צוגרייטונג אָדער באַאַרבּעטונג אדגל. אַ געב אַלע א'. אַן א, אויף

עניני־דיומא. אויך פּעיאָ. אַן אַרבּעט, אַ שאַפֿונג אָן געהעריקער צוגרייטונג.

אימפּראָוויזירן — טרוו. ־זיר, אימפּראָוויזירט.

1. ריידן, דרשנען, רעציטירן, קאָמפּאָנירן, קינסטלעריש שאַפֿן, זינגען, שפּילן (אויף אַן אינסטרומענט אָדער אין טעאַטער) אָן פֿריִערדיקן צוגרייט, ספּאָנטאַן. א, גראַמען ווי אַן אַמאָליקער בּדחן. א, פֿראָזע = (אַקטיאָריש) צוגעבּן אייגענע רייד צום טעקסט פֿון דער ראָלע. 2.

אויסניצן עפּעס פֿאַר □ן אינסטרומענט, אַ מכשיר,
אויפֿשטעלן עפּעס אין אײַלעניש, אויף אַ ווײַל.
א אַ האַמער פֿון אַ שטיין וואָס מע הייבּט אויף.
,

-

אימפּרעסאַריאָ

„די טירלעך פֿון אַלמער וואָס מע נעמט אַלע
נאַכט אַראָפּ צו א אַ בעט פֿאַר די קלענערע

,

קינדער„, אַר, 'כלי־זמר'. .3 (שפּאַסיק)

פֿאַנטאַזירן, אויסטראַכטן. ליגנערן. „סאַראַ ניסים
דו דערציילסט, גיי, גיי, דו אימפּראָוויזירסט„.
־ונג   אַן א, גלײַך אויפֿן מאָמענט.
אימ־־.־
פּראָוויזירט — פּאַר, אַדי. א'ע לידעלעך.
„אויף די גרויסע פּלעצער זײַנען אויפֿגעבויט
געוואָרן א'ע עסטראַדעס“, סעג, פֿון רוסלאַנד,
וואַרשע 1920   ־ערהייט   ־קייט.

.   .

אימפּראָמפּטו — אַדוו. <ל.   ניט־
צוגעגרייטערהייט, אימפּראָוויזירטערהייט,
אומגעריכט. מסכּים זײַן א'. 'א, אויף דער פּיאַנע,
= באַצייכענונג פֿאַר אַ קורצער מוזיקאַלישער
אימפּראָוויזאַציע פֿאַר פּיאַנע (אָרגל).
אימפּרוּוון — טרוו. ־פּרוּוו, אימפּרוּווט. אַמ
ovo][im o: : <   פֿאַרבעסערן,
אויסבע.
סערן. א, עמעצנס לאַגע. א, דאָס געזונט. מיט
ז י ך — „ער איז געווען אין דער קאָנטרי און
האָט זיך אימפּרוּווט„.
אימפּרוומענט — דער, ־ס. ס'איז שוין
אַן א, אין פֿאָרגלײַך מיט פֿאַראַיאָרן. אַ הויז
מיט אַלע א'ס.

אימפּרימאַטו'ר — די, ־ן. <איי <ל.
דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ בוך, צו דרוקן אַן
אַרטיקל. אויך: אָפֿיציעלער שטעמפּל, סימבאָל
אין אַ פֿאַרלאַג, געזעלשאַפֿטלעכער
אונטערנעמונג אע. "ניט קענענדיק געפֿינען קיין
פֿאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפֿטלעכע א', מוזן
אַרויסגעבן זייערע אייגענע ווערק אויף זייער
אייגענעם חשבון„, ש. מאַרגאָשעס, טמז, 1963
.X 5
אימפּרעגנירן — טרוו. ־ניר, אימפּרעגנירט.
<איי <ל. 1. (ביאָלאָגיע) אַרײַנבערענגען,
אַרײַנגעבן קעמערלעך פֿון זאָמען. מאַכן
פֿרוכטיק, שוואַנגער. 2. אָנזאַפּן עפּעס מיט אַ
זײַטיקן שטאָף. מאַכן עס זאָל אײַנזאַפּן. א, אַ
שטאָף מיט פֿאַרב — דורכווייקן אין צעלאָזטער
פֿאַרב אַנשטאָט פֿאַרבן. „עס קומט אויס
אויסצושווענקען האָלץ, ד"ה... האַלטן אין
וואַסער..., דערנאָך עס... דאַמפֿן..., לסוף א',
אָנזאַפֿן מיט פֿליסיקייטן וואָס פֿאַרהיטן עס פֿון
פֿוילן", ייִשפּ 3 ,XX.
אימפּרעגנירט — פּאַר, אַדי. אַן א'ער
בגד וואָס לאָזט ניט דורך קיין נעץ, וואָס וועט
זיך ניט אָנכאַפּן ביים דורכלויפֿן אַ צימער וואָס
איז אין פֿײַער. אַן א'ער רעגן־מאַנטל —

געמאַכט פֿון אַ שטאָף וואָס איז דורכגענומען מיט
אַ כעמישער צעלאָזונג און איז
אומדורכדרינגלעך פֿאַר וואַסער. ‘‘עס זײַנען פֿאַראַן
גומיוואַנעס און פֿון א'ן שטאָף וואָס מע קען
אויפֿשטעלן אין קיך,,, פֿגעז, פּאַריז 10 1949, No־11.
־ערהייט. ־קייט.
אימפּרעזע — די, ־ס. <פּויל <איט.
פֿאָרשטעלונג, אונטערנעמונג מיט אַ
אַרווײַלערישער כּוונה. טעאַטער־א,. ספּאָרט־א'.
אימפּרעסאַריאָ — דער, ־ס. וונ דז. <איי
<איט. אונטערנעמער וואָס פֿירט דאָס

געאימפּרעסיאָנאַנט

שעפֿט פֿון אַ טעאַטער, אָרקעסטער, אַ יחיד אַן
אַרטיסט אָדער מוזיקער אדגל.
אימפּרעסיאָנאַנט — אַדי. וואָס מאַכט אַן
אײַנדרוק. ,,דער סדר התּפֿילות... איז אויך

געוועז א',,, שלמה ביקל, טמז, 8 1967 ם I.
אימפּרעסיאָניזם — דער. בא. 1. (
מאָלערײַ) שיטה, ריכטונג זינט די 60ער יאָרן 19.
י,,ה וואָס הייבט אַרויס ווי אַ ציל פֿאַר דעם
קינסטלער איבערצוגעבן זײַן דירעקטן
מאָמענטאַלן א ײַ נ ד ר ו ק (אימפּרעסיע) פֿון דעם
שטאָף וואָס ער געשטאַלטיקט און ניט פֿון דעם
וואָס ער וו ײ ס ט וועגן דעם אָביעקט, וואָס
הייבט אַרויס און באַמיט זיך אָפּצושפּיגלען ד ם
שפּיל פֿון ליכט אויף און אַרום דעם וואָס מע
מאָלט. [די מער באַקאַנטע פֿראַנצייזישע
אימפּרעסיאָניסטן: מאַנע,, מאָנע', דעגאַ,, פּיסאַראָ,,
רענואַר, אויך דער דײַטשישער ייִד מאַקס
ליבערמאַן.]
2. (ליטעראַטור) רעאַליסטישע ריכטונג וואָס
באַמיט זיך צו באַשרײַבן ניט אַלע אייגנשאַפֿטן
פֿון אַ העלד, סבֿיבֿה, פּאַסירונגען, נאָר די סאַמע
בולטע, די וואָס האָבן געשאַפֿן דעם טיפֿסטן
אײַנדרוק אויפֿן שרײַבער און קענען אויף דעם
זעלביקן אופֿן ווירקן אויפֿן לייענער און
אַרויסרופֿן בײַ אים אַ באַשטימטע שטימונג.
בערגעלסאָנס א'. ,,דער חילוק צווישן מענדעלעס און
שלום־עליכמס געבן געשטאַלטן איז דער חילוק
צווישן שטרענגערן רעאַליזם און פֿרײַערן א',,,

ימ. „אין דעם ראָמאַן געוועלטיקט נאָך אַלץ
דער רעאַליזם אָדער דער א, וואָס איז נישט
מער ווי אָן איידעלערער סאָרט רעאַליזם„, שנ,
לעזער, דיכטער, קריטיקער 3 .I. (מוזיק) אַ
סטיל פֿון קאָמפּאָזיציע וואָס באַמיט זיך
אָרויסצורופֿן זיך בײַטנדיקע און דאָך שטאַרקע
שטימונגען.
אימפּרעסיאָניסט — דער, ־ן. וונ ־קע, ־ס.
ווער עס שאַפֿט (מאָלער, שרײַבער,
קאָמפּאָזיטאָר) לויט די פּרינציפּן פֿון דעם
אימפּרעסיאָניזם. אָנהענגער פֿון אימפּרעסיאָניזם. „ער איז
געווען אַ טיפּישער א', זײַן הויפּטציל איז געווען
איבערצוגעבן די אימפּרעסיעס וואָס ער האָט
פֿון דעם שרײַבער„, שנ, קריטיק און קריטיקער.
־יש — אַדי. א'ע מאָלערײַ. א'ע ליטעראַטור.
א'ע שילדערונג. א'ע קריטיק. "„אַרום וואָקזאַל,
איז אַ דערציילונג... געשריבן אויף אַ נײַעם,
דאָס רובֿ א'ן אופֿן„, שנ, ייִד, שרײַבער אין
סאָוו, פֿאַרבאנד.
אימפּרעסיאָנירן — טרוו. ־ניר,
אימפּרעסיאָנירט. שפּאַ. באַווירקן, מאַכן אַ שטאַרקן
אײַנדרוק. „דער אַרטיסט האָט אונדז
אימפּרעסיאָנירט מיט זײַן שפּילן„, רייד (ב„א). ־ונג.
אימפּרעסי'וו — אַדי. ← דווו. 1. וואָס

מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. א'ע מאַסן־
פֿאַרזאַמלונג. א'ער פּראָטעסט. א'ער אויסגאָס פֿון
געפֿילן. 2. וואָס איז אָדער קען ווערן שטאַרק
באַווירקט. סענסיטיוו. געפֿילפֿול. אַן א'ער
יונגערמאַן. "די א'ע יאָרן צווישן דרײַצן און
צוואַנציק"..

1265

אימפּרעסיע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
אײַנדרוק. רושם. עפֿעקט. זײַן אונטער אַן א.. אָ
בליצנדיקע א'. אַ קוים־מערקלעכע א'. אַ
רייןפּערזענלעכע א'. 2. אָפּבילדונג. אָפּדרוק.
אויך אַ קורץ ליטעראַריש ווערק וואָס גיט
איבער בלויז דעם אײַנדרוק פֿון די
איבערלעבונגען, אָן פּרטים. 3. דזוו אימפּרעזע ←.

אימפֿ□ן — טרוו. אימף, געאימפּט. □ [Mhd: im
n□. שטעלן פּאָקן, וואַקסינירן, וואַקצינירן,
אינאָקולירן. "זיי גייען זיך א, שטעלן — וואָס
איז דאָס אינמיטן דערינען פּאָקן?" לאַט,
מישקע. ־ונג — "לעשׂות א, בתינוקות נגד
הבלאָטערן ע"י רופֿא עכו"ם", הרבֿ גרשון
שטערן, ילקוט הגרשוני, מונקאַטש תּרס"א. "אין
די אַמבולאַטאָריעס איז... דורכגעפֿירט געוואָרן

א'. א'ס־אָרט. III 1928 20, טאָז,,, א'ען 1,7(□
ספּונקט. אימף־ש ט אָ ף — ,,די צוויי
פֿראַנצייזישע פֿאָרשער, קאַלמעט און גערען, האָבן
צוגעגרייט אַ ספּעציעלן א'־ש'", פּגעז, פּאַריז 1951,
No 3־5.
אימצות־כוה — [אימצעס...] דער. מצ נבֿ.
תּח. אויך: אמיצות־בּוה. <לויט איובֿ□ לו,

-

19; עמוס, ב, 14. 'אָנשטרענג פֿון כּוח'.
געניצט מיט בּבֿ: 1. שטאַרקער מאָראַלישער
געראַנגל. ,,דער יש□בֿה־בּחור האָט מיט א'־כּ, גוֹבֿר
געווען זײַנע ספֿקות,,; 2. גבֿורה,
העלדישקייט. ,,זיך קעגנשטעלן דעם שׂונא מיט א'־כּ,,.
־דיק — אַדי.
אימרה — [אימרע] די, ־רות. תּח. גלײַכ..
וואָרט, תּורה־ווערטל, אַפֿאָריזם. האָט דעם
זעלבּיקן בּאַטײַט ווי מימרא. ,,אין רעדן האָט ער
ליבּ אַרײַנצוּוואַרפֿן אַן א', אַ שאַרף ווערטל
פֿון אַ גדול,,.
אי משום האָ — לא איריאָ — [...
מישום... לוי...] זאַץ. תּח. <קידושין, ח/א

אאַ. ,אויבֿ איבֿער דעם איז עס ניט קיין ראַיה (קיין סתּירה)'. באַשטענדיקער אויסדרוק אין תּלמוד בײַם פּרוּוון אויסגלײַכן אַ סתּירה צווישן דער רישא און סיפֿא אין משנה, צווישן אָנדערע שטעלן אין דער גמרא. געניצט מיט בבֿ□ 1. אויבֿ ס'איז אַזוי — איז ניטאָ קיין שווערקייט (קיין קשיא). אויך: אי משום הא — לא קשיא <בבֿא קמא, עט/ב.

2. פֿון אָט דעם פֿאַל איז גאָר קיין ראַיה ניט. בײַם רעדן ווערט דער זאַץ געשפּאָלטן אויף צוויי טיילן, למשל: ,,א, מ, ה, — אויבֿ אַלע ייִדן וואָלטן געווען אַרײַנגעטאָן אין ייִדישן חינוך, ל, א, — וואָלט דאָך געווען וואויל ווי די וועלט". [גמרא־מלמדים □לעגן צומאָל בטעות טײַטשן ,,איריאָ,, — האָבֿ איך ניט קיין מוֹרא.]

אים שטאַט — אַדוו. על. אויסגעפֿוצט(ערהייט). ,,זי [= די יונגע ווײַבלעך] וועלע הײַט... ליוּוער [= ליבֿער] עס שטאַט אוף דער גאַס הערלאַמלאַפֿע", 'קוקעלליד, □ □ □ □ □ □ . □ □]..'□

.strb□ , 6 י□1 l9O9

אימשטאַ'נד זיין — [אָפּטער, דטשמ

אויס□ .

לייג] ← אין שטאַנד זײַן.

אימתא דדיבורא — [איי'מעסע דיידיבורע]
די. מצ נבֿ. תּח. צבֿ. לויט א, דציבורא ⁄.

אימת־(יום־)הדין

אָפּשיַ פֿאַרן וואָרט. „ער איז אַן
אויסגעצייכנטער רעדנער, און קיין א, דציבורא האָט ער
ניט, אָבער א, ד, האָט ער יאָ„, יג, איק, 5 1965 II.
אימתא דמלכותא — [... דעמאַלכוסע] די.
מצ נבֿ. תּח. צבֿ. <עבֿודה זרה, סה/א. 'מוֹרא ⁄
פֿאַר מלכות', מוֹרא פֿאַר דער מאַכט. געניצט
אָפֿט איר. מוֹרא, אַפֿילו פֿאַר אַ נידעריקערן
אָנגעשטעלטן, פֿאַר אַ ,קנעפּל'. „קומט אָן דער
פּאָליציאַנט און ס'נעמט זיי אַרום אַן א, ד,“.
⁄. אימת־המלכות.
אימתא דציבורא — [... דייציבורע] די. מצ נבֿ.
תּח. צבֿ. <אימת ציבור, סוטה, מ/א. ,פֿאָרכט
פֿאַר קהל'. געניצט מיט בבֿ: 1. דאָס ווערן
דערשראָקן, צעטומלט, ווען מע טרעט אַרויס פֿאַר
אַן עולם. בינע־פֿיבער. האָבן (ניט האָבן קיין)
א, ד,. אַ בעל־דרשער מיט (אָן) א, ד,. ליַידן,
פֿיבערן פֿון א, ד'. רעדנערס, אַרטיסטן,
זינגערס מיט (אָן) א, ד'. „האָט דער בלויזער

געדאַנק פֿון אַרויפֿגיין אויפֿן באַלעמער
אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים אַ שרעק: עפּעס אַ
קלייניקייט — א, ד',,, צ'. "האַלטן פֿלעגט ער זיך
אויף דער טריבונע שטאָלץ, מיט ווירדע, נישט
פֿאַרלירנדיק זיך קיינמאָל אין רעדנערישער א,
ד'", אלחנן ◻ צייטלין. ,,איך האָב בײַ דער
דאָזיקער געלעגנהייט באַזונדערש געליטן פֿון א, ד',,,
גרינ, איד און וועלט. אויר איר בּ: ,,כ'האָב
שוין א, ד,, ס'הייסט, כ'האָב מורא פֿאַר דעם
ציבור, וואָס וועט ניט קומען און ניט קענען
קומען,,, יג, טמז, 2 ;30 1966 X. אָפּשײַ,
ערנסטע באַציאונג פֿלעגט ער זיך גוט
צו. ,,
גרייטן צו דער דרשה מחמת א, ד'".
אימתא דשמיא—[... דישמאַיאָ] די. מצ נבּ.
תּח. צבּ. <לויט שבּת, קנו/ב. פֿאָרכט פֿאַרן
הימל, ד"ה מורא פֿאַר גאָט. ,,ער איז אַן
אַפּיקורס גמור, ס'פֿעלט אים א, ד'".
אימת־(ה)מלכות — [איימאַס (האַ)מאַלכעס]
די. בּא. תּח. <חגיגה, כו/א, אויך לויט
<אָבֿות, ג, ב. ,מורא פֿאַר מלכות'. ,,און
פֿאַר דעם קליינעם, צעשמייכלטן ייִדעלע [פֿאַרן
רבֿ] ציטערט מען א, ה, פֿון גבֿיר ביזן חסיד,
,

ביזן קל שבֿקלים,,, פּרץ, זכרונות. ← אימתא דמלכותא.

אימתי — [איי'מאָסײַ] אַדוו. <אָבֿות, א, יג. אאַ. 'ווען, ווען איז דאָס'. אַרויסגערעדט מיט אַ פֿרעג־ אָדער אויסרוף־אינטאָנאַציע, עמאָציאָנעל. 1. ווען זשע דען? ״אויבֿ איצט וועל איך ניט שטײַגן אין לערנען — א'?“. 2. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען איז מען מחויבֿ זיך אַזוי נוהג צו זײַן (בײַם צוטיילן עמעצן כּבֿוד — אַן עליה, מכבּד זײַן מיט בענטשן, אע). ,,איז אַ כּוהן פֿאַר אַ לוי, אַ לוי פֿאַר אַ ישׂראל, און אַ ישׂראל פֿאַר אַ ממזר... א'?... ווען זיי זײַנען אַלע גלײַך, אָבֿער... אַ ממזר אַ תּלמידחכם איז פֿריִער ווי אַ כּוהן־גדול אַן עם־האָרץ,,, פּיעט, הוריות, ג, ח.

אימת־(יום־)הדין — [... יוים (יאָם) האַדין] דער. בֿא. תּח. <משנת הזוהר, פּרק ב'. פֿאָרכט פֿאַרן (טאָג פֿון) דין. געוויינלעך געניצט אין חודש אלול און אין די עשׂרת־ימי־תּשובֿה. ,,די

אימת־יתוש על הפּיל

תּשובֿה־טעג מאַכן אויפֿציטערן אַלע הערצער פֿאַרן א'־ה'“, ימים נוראים־אַלמאַנאַך, נ“י

תּשכ"א, ז, 83.

אימת־יתוש על הפּיל ־— [.. ▯ יאַטוש (ייִטעש) אַל האַפּיל] זאַץ. תּח. <שבּת, עז/ב. 'שרעק פֿאַר אַ מוק איז אויפֿן העלפֿאַנט'. דער העלפֿאַנט צ▯טערט פֿאַרן קאָמאַר. געניצט מיטן בּ: דער שטאַרקער (גרויסער) שרעקט זיך פֿאַרן שוואַכן (קליינעם). „מיטן טעראָר קעגן די ענגלענדער וועט מען טאַקע אויפֿטאָן, ס'איז א־י, ע, ה'", רייד (א"י, 1947).

פּאַראַלעלער זאַץ: אימת מפּגיע על ה— ארי [... מאַפּגיִאַ אַל האָאַרי] <שבּת, פּז/ב. דער שרעק פֿאַר אַ קליין חיהלע איז אויפֿן לייבּ.

אימת־מו(ו)ת — [איימאַס מאָוועס] סובּ. געוויינלעך ▯.ט אַדווערבּיאַלן בּאַנוץ. צבּ <לויט תּהליס, נה, 5. (מיט) שרעק פֿאַרן טויט, (מיט) טויטשרעק. קומט אין פֿאַרבּינדונג מיט צ י ־ ט ע ר ן , שרעקן זיך, מורא האָבּן אע. ווײַזט אויף דער העכסטער מדרגה פֿון שרעק, געווינלעך אין לשון גוזמא. „די גרעסטע עזות־פּני▯ מער ציטערן א־ם, אַז מע סטראַשעט זיי, מע וועט זיי בּאַשרײַבּן אין 'המליץ', אָדער נאָך ערגער אין 'קול מבשׂר„„ קמ, 29 1866, No.

פֿאַרן מלמד האָבּ איך געציטערט א־מ", פּרץ▯

□ ——

ס'אי, גוט!,. ,,זי ציטערט פֿאַר מילכיקס מיט,
פֿליישיק א,־מ',,, שע, קליינע מענטשעלעך.
"[ער] האָט געהאַט אַ ידיעה אין באַצילן און
מיקראָבן און האָט פֿאַר זיי זיך געשראָקן א'־
מ'", אַר, 'איבערן קינד'.
געניצט אויך מיט אַנדערע ווערבן מיט דעם
זעלביקן ב, אָדער סתּם אָנצוווייַזן אויף דער
העכסטער מדרגה. *אויסצאַצקען, אויססטראָיען
זיך א'־מ, = א) אויספּוצן זיך; ב) זיך אַנטאָן
אָן געשמאַק, אַז עס מיגלט, ס'איז חלשות. ,,אַז
דו ווילסט שפּילן אָ ליבע, דאַרפֿסטו
אויססטראָיען זיך א'־מ',,, מ. דלוגאַטש, וועלט־מסורה,
וואַרשע 1881.   *מ אַ כ ן עמעצן א'־מ, =
א) אָנוואַרפֿן אַ מ□רא, אָפּשרעקן, אײַנשרעקן,
אָנשרעקן; ב) ממיתן, טייטן, צעמזיקן.
סוב — דער. מצ נב. ,,א'־מ, קוקט אין פֿענצטער
א□ן דער הונגער קלאַפּט אין טיר,,, פֿרוג I.
פֿליִען אין דער פֿינצטער פֿלעדערמײַז און
סאָ,,
וועס, טײַוולשע קאַטאָוועס, וויסטע א'־מ'", אַל,
'אליהו און אלישע'. ,,די א'־מ, וואוינט און וויינט
אין אַלע מײַנע גלידער", בראָד, גש.

־דיק — אַדי. „ער האָט אָנגעשטעלט אויף
אים אַ פֿאָר א׳־ דיקע אויגן (אויגאַנעס)“.
אימת־ציבור — .. אימתא דציבורא.
אין — פּרעפּ (פֿון די אָפּטסטע אין ייִדיש, אפֿשר
גלײַך נאָך פֿון און אויף). באַנוץ באַווירקט פֿון
גערמאַניש — Mhd : in —, פֿון סלאַוויש —
B , v פֿון לק — ב. אין+דעם = אינעם.
—,
1. ווײַזט אויף אָ ר ט וואו עפּעס געפֿינט זיך,
וואו מען (עס) איז. שאַפֿט מיט דעם
ווײַטערדיקן אַן אַדוו פֿראַזע מיט אַן אָרטבאַטײַט וואָס
ענטפֿערט אויף דער פֿראַגע: וו א ו? ער
וואוינט (לעבט, גע ינט זיך, פֿרייט זיך אאַ)

א, וואַרשע, א, כאַנדרישישעק אאַזוו. אַ
ביימעלע א, פֿעלד. צוויי פֿענצטער אין וואַנט. געלט,
באַהאַלטן א אַן אַלטער קאַנאַפּע. א, גאַס איז
,
לעבעדיק. „עס האָבן צוויי ברידער גזלנים
געלעבט א, פֿינצטערן וואַלד, א, די היילן“, מל.

,,גאָטס באַשעפֿעניש רירט זיך אומעטום... א,
וואַלד און א, דער לופֿט", ממוס. ,,א, פֿינטשעוו
טאָגט שוין,, פֿוול. ,,פֿאַטש דיר א, הינטן און
,
שרײַ בראוואָ,, פֿוול (שפּאַסיקער און
אומגע—
,
דולדיקער ענטפֿער אויף אַ פֿראַגע: וואָס זאָל
איך טאָן?). ,,א, מעזשבּיזש שטאַרבּט קיין עושר
נישט"; ,,זיצט ווי אַ וואָרעם א, כריין און מיינט
אַז קיין זיסערס איז ניטאָ,,; ,,א, בּויך (מאָגן) איז
קיין פֿענצטער ניטאָ"; ,,ווי א, וואַסער אַ פֿיש —
ווען ס'איז דאָ געלט אויפֿן טיש"; ,,קיין
בּעסערער אָרט איז ניטאָ א, דער וועלט ווי די
היים"; ,,אין דרײַ ערטער גיט מען זיך קיין
כּבֿוד ניט אָפּ: א, תּפֿיסה, א, בּית־הכּסא און א,
מרחץ,,, שוו "... דשׂ זי מיטן א, מער [= ים]
איין איזולה [= אינדזל] בּונדן,,, בּבֿא־בּוך, 8.
*א, די אייגענע דלד אמות = אײַנגעשלאָסן —
א) אין ענגן אַרום, בּ) אין באַגרענעצטע
אינטערעסן.
2. ווײַזט אריף אַ ריכטונג פֿון אַ באַוועגונג
און ענטפֿערט אויף דער פֿראַגע: וו א ו ה י ן?
פֿארבּײַט צו מאָל די פּרעפּ קיין פֿאָרן א, ווילנע.

ער וועט עמיגרירן א, אַרגענטינע. פֿאַרשווינדן
ווי א, וואַסער (אַרײַן). *פֿאַרקריכן א,
האָצעפּלאָץ = ווײַט פֿון ריכטיקן וועג. "איך וועל
גיין א, אַלע גאַסן, איך וועל שרײַען...", פֿל.
,,(בּידך אַ קיד רוחי) דאשׂ איז טײַטש: א, דײַן
הנט גיבֿ איך אײַן איין (פֿקדון), מײַני נשמה,,,
לט 1, ז/א. "האָבֿ איך יונגערהייט
אויסגעוואַנדערט א, פֿרײַסן", ממוס, 'שם און יפֿת...'.
,,לאָמיר אַרויסגיין א, וואַרעמען דרויסן". ,,
בּעסער [אַרײַנפֿאַלן] א, גויאישע הענט ווי א,
ייִדישע מײַלער,,, שוו. אָפּרופֿן עמעצן א, אַ ז ײַ ט.
דרייען דאָס רעדל א, אַ זײַט. *פֿירן א, גלײַכן
וועג = אויפֿן מאָראַלישן, ריכטיקן וועג. ←
אין — אַרײַן.
3. ווײַזט אין וואָס מען איז אָ נ ג ע ט אָ ן
(ווי דאָס וואָלט זײַן אַן אָרט וואו מע געפֿינט
זיך). גיין א, אַ קורץ קליידל, א, אַ פֿעלץ. ,,דער
קאָפּ א אַ טוך, די פֿיס א, טיפֿע קאַלאָשן,,,.

*אָנגעטאָן (אויסגעפּוצט) א, אַטלעס און א,

זײַדנס, א, עסיק און א, האָניק = זייער שרײַאיק (רײַך) פֿאַרשטעלן דעם דלות אין אַטלעס.

.

,,אַ געשטאַלט אַ ווײַבערישע, א, אַ הויבֿ אַ הויבער, א, אַ טערקישער שאַל,,, פּרץ, 'שׂרה בת טובֿים,. ''א, אַ גאָלדענער קרוין איז שלמה המלך געזעסן,,, פּרץ [בײדע פּרצעס זאַצן זײַנען עליפּטישע, ס'פֿעלט: אָנגעטאָן]. אויך יג. ,,דער קאָפּ א, העלע פֿרענדזעלעך, א, גאָלד־געלאָקטע גלעקעלעך,,, ל. נײַדוס, 'נעמילע'. ,,זיך אָנגעטאָן א, שווײַגן'', ש. אַש

4. ווײַזט אויף אַ צ ו ו יַ ט י ק ן

אָרטבאַטײַט, ווען אָרט ווערט באַנומען אַבסטראַקט. עס עגבערט א, מוח. אַרײַננעמען עפּעס א, זינען. זיך אײַנשפּאַנען א, יאָך. שינויים א, לעבן. ,,נעם זיך אַרײַן אַ צאָל א, קאָפּ''. אונטערטונקען

אין

זיך א, דעם ים־התלמוד. אײַנגראָבן זיך א, זיך, א, די אייגענע איבערלעבונגען לאָזן עמעצן אויסשטיין א, צרות און ניט העלפֿן. *גיין א, פֿײַער און א, וואַסער = זיך ניט אָפּשטעלן פֿאַר קיין שום סכּנות. ,,תּורה א, קעפֿעלע,

קאַשע א, [בּ 1] טעפֿעלע“, שוו. „הלב נמשך אחר המוח (בל„א דיא האַרץ איז א, מוח)“, קונטרס ההתפּעלות, מ▯בּ... מו“ה דובֿ בּער בּן... מו„ה שניאור זלמן זצל“ל... [קעניגסבּערג? 1831]. „א, אַלץ איז דאָ אַ ליד וואָס וויל געזונגען ווערן — א, [בּ 1] בלעטל פֿון אַ בּוים, א, פֿינקל פֿון אַ שטערן“, אַלף כּץ, די אמתע חתונה. „האָט זי מיט אַן אומרו אין פּנים געזאָגט„, ווײס I▯, 'ווי דער גורל ▯ירט,. „אַפֿילו די מענטשן וואָס זענען ניט א, עבֿירות חמורות שאַט דאָס [פֿאַרבּרענגען מיט פֿרויען] אויך זייער שטאַרק„, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832, אות ט'. „לעבּן זאָל פּרץ א▯ אײַך, ליבּע ייִדישע קינדערלעך“, יד.

5. ווײַזט אויפֿן ל ש ו ן און קען פֿאַרבּײַטן די פּרעפּ אויף (קען אויך אויסגעטײַטשט ווערן ווי אַ צווייטיקער אָרטבּאַטײַט). „אין הײַנטצײַטיקן ייִדיש איז ניטאָ מער קיין באַזונדערער פֿערפֿעקט און אימפּערפֿעקט“. „מע דאַרף עס איבּערזעצן אין ענגליש„. „אין עבֿרית קומען צו אַ סך נײַע ווערטער„.

6. סאַרבּײַט פּרעפּ אָן פֿון לד. אַן ווײַזט אויף

-

אַ דרויסנדיקן אָנריר, בעת אין ווײַזט אויף דעם
אינעווייניק. "עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן" —
לד — „עס קלאַפּט אַ צאָן א, אַ צאָן" — פּד,
אוקר. „שלאָג דיך קאָפּ א, וואַנט", פּוול. "רײַב
דיך א, שטיין, וועט דיר דער כּעס פּאַרגיין",
שוו. "זיך אָנגעשלאָגן א, אַ גאַנץ גרויסן
שטענדער", ייִל. „אָנבינדן די הערצער פון ייִדן א,
רבונו־של־עולם„, אַש, תּהילים־ייִד. [בּיידע רעפּ,
אי אָן אי אין זײַנען דערלאָזלעך אין
כּללשפּראַך.]
7. ווײַזט אויף דער צ ײַ ט, ווען עפּעס
פּאַסירט, קומט פּאָר, און דערבײַ ווערט פון אָט
דער צײַט גענומען נאָר אַ ט ײ ִל , איין
מאָמענט אָדער אַ ריי מאָמענטן. לייענען א, דער
וואַקאַציע־צײַט. אַרײַנקומען א, אָוונט צו אַ שכן.
א, אָנהייב האָב איך געמיינט אַז.... הערן
אַ שיסערײַ א, מיטן נאַכט. אויספּירן אַ שידוך
א, איין חודש. „א, יענער נאַכט בין איך אַ
פּאָר שעה געווען וואַך". „ער האָט געמאַכט
קניִען די קעמלען... בײַם ברונעם וואַסער א,
אָוונטצײַט„, תּ, בּראשית, כד, 11. דאָס טרעפּט
זיך איין מאָל א, אַ יובל (שמיטה,
יאָרצענדלינג, יאָרהונדערט אע). „זיי זײַנען אַוועק א,

אַ פֿינצטערער צײַט, א, שווערע, א, בּיטערע
יאָרן“ פֿרוג. „,א אַן אלול־נאַכט אַ ווײַסער איז

, ,

ז▯ שפּעט אַהיים געגאַנגען,,, סעג. „,א, יעדער
צײַט און א, יעדער רגע קען אַ ייִד זיך
דערנענטערן צו גאָט“, אַש, תּהילים־ייִד.
א, פֿלוס אַן אינפֿיניטיוו — בּשעת, אין
פֿראָצעס פֿון: זאָגן תּהילים א, גיין אונטערוועגס.
רעדן א, דאַוונען. זיצן פֿאַרחלומט א מאַכן די

,

היימאַרבּעט.

אין

8. ווײַזט אויף דער צײַט, ווי אין בּ7, אָבּער
דערבײַ ווערט פֿאַרשטאַנען דער גאַנצער
צײַטאָפּשניט, און נ!אַרבּײַט: בּ ע ת, בּ מ ש ך פֿ ו ן.

▯

-

„,א, יענער נאַכט האָבּ איו ניט צוגעמאַכט קיין
אויג„. „,א, וועלכן חודש שנײַדט מען היי?„,
פֿרש. זיך מאַכן יום־טובֿ א אַ מיטן מיטוואָך.

,

„האָסטו געהאָרעוועט כאָטש א, די גוטע טעג?„„
ריוועסמאַן. „שווער א, שטורעם איז דאָס
שווימען„ פֿרוג. „זיך שאָקלען ווי אַ פֿרומער ייִד

,

א, שמונה־עשׂרה„„ פּפּ. „גוט צו זײַן איז
אונטערוועגנס א, די ערשטע וואַרעמע רעגנס„„ ל.
נײַדוס. "א, ריידן מאַכט מען אַנדערע גרײַזן
ווי א, שרײַבן„„ ייִשפּ I, ז, 131. צו דעם
פּונקט געהערן אויך די פֿראַזעס: א, איין רגע
(סעקונדע, מינוט, כהרף־עין, אויגנבליק, אָטעם
אע). א, איין יאָר ווערן אַ מיליאָנער. אַזוי
אויך: א, איינע דרײַ יאָר דורכגיין (דורכמאַ ן)
דעם גאַנצן קורס. אין — אַרײַן — בּיז א, העלן
טאָג אַרײַן, א, אלף הששי אַרײַן אע. [דאָ איז
נייטיק צו האָבּן אין זינען דעם אַקוזאַטיוו פֿון
צײַט וואָס ווײַזט אויפֿן גאַנצן געדויער, בּעת
אין האָט גיכער דעם בּ7, למשל: דעם זומער
בּין איך געווען א, דאָרף = דעם גאַנצן זומער,
א, דעם זומער... = אין אַ טייל פֿון זומער;
די נאַכט בּין איך ניט געשלאָפֿן = די גאַנצע
נאַכט, א, דער נאַכט = אין אַ טייל פֿון דער
נאַכט].

9. קומט אַנשטאָט פּרעפּ א ו ם אין רר וואו
עס ווערט אָפּגעריבן דער פֿאָנעטישער חילוק
צווישן אין & אום. נר. „וואָלט מען בײַ מיר
געאַרבעט א, שבת און א, יום־טובֿ, אַפֿילו א,
ראָש־השנה און יום־כּיפּור„, אַש, אָנקל מאָזעס.
„ייִדן וואָס קאָכן א, שבת און היטן ניט קיין
כשרות„, באַש, מײַן טאַטנס בית־דין־שטובּ.
1O. ווײַזט גלײַכצײַטיק אי אויף אָרט (פֿיג,
מיט צווייטיקן בּ) אי אויף צײַט פֿאָרן,
בּלאָנ.
דזשען א, וועג. זען עפּעס א, חלום.
11. ווײַזט אויפֿן ש ט ייִ ג ע ר ווי עס
געשעט עפּעס, ווי מע טוט עפּעס, און
ענטפֿערט אויף ועַר פֿראַגע וו י אַ ז ו י?
(קען אויך פֿאַרביטן ווערן מיטן גערונדיוו
אָדער מיטן אַדווערבּ אויף ־ערהייט). גיין
א, קאָמפּאַניע (בקאָמפּאַניע), א, חבֿרותא. זײַן
א, אָפּאָזיציע. זינגען א, דער שטיל. „די
באַגעגעניש איז געווען א, אַ דראַמאַטישן אופֿן“.
“מיר האָבן זיך אָנגעוואַרעמט א, זייער
גוטסקייט“. „זיי רעדן אַרויס די ווערטער א,
אײַלעניש„. *בּלייַבן שטיין א, געהאַקטע וואונדן =
צעווייטיקט, א אַ צרותדיקן מצבֿ. בּלייַבן (מאַכן,

,

אַוועקשטעלן, אײַנאָרדענען אע) א אַ סדר (
אָר,
דענונג). „געלעבט א, שלום, געקריגט זיך א,
שלום“; “דאָס פּנים איז געקנייטשט א, אַ
גרימאַסע“; „די הערן זענען געשטאַנען א, שווײַגן,,,
שלום אַש [ניצט דאָ זייער אָפֿט פּרעפּ אין].
„,ווען דער מענטש קומט אין שול אַרײַן, דאַרף
ער צו שטיין מיט גרויס פּחד, א, אימה, א,
יראה,,, דרך אָדם, וואַרשע 1860. “פֿאַרוואָס
טאַנצן חסידים א אַ ראָד? — ווײַל א, [בּ1] אַ
,
ראָד איז נישט פֿאַראַן קיין מזרח־וואַנט...,
אַלע זענען גלײַך“, דער קאָזשעניצער רבי. „א,

פֿולן געלט זאָל ער עס מיר געבן פֿאַר אַ
...
קבֿר־אייגנטום,,, תּי, בּראשית, כג, 9. „מע
זאָל... דאַווענען א, סידור מיט גרויס הכנעה,,,
פּוקה עורים, שקלאָוו 1832, אות כג. „מע האָט
דעם הרוג בּאַגראָבן א, אָנטאָן,, [=
אָנגעטאָנענערהייט].
12 פֿאַרבּינדט דעם ווערב מיטן אָ בּ י ע ק ט.

דערבײַ קען אין פֿאַרבײַטן די פּרעפּ: פ ו ן ,
וו ע ג ן, אָ ן, נ אָ ך, בּ נ וֹ ג ע, מ י ט אאַ. ספּעצ
נאָך די ווערבן: א) גלייבן, האָבּן אמונה, האָבּן
בּטחון, זיך פֿאַרטרויען, זיך איבּערצײַגן
פֿאַר,
זיכערן זיך פֿאַרנאַרט זײַן — האָבּן בטחון א,
,
גאָט; גלייבן א, מענטשן אאַזוו; בּ)
דערמאָנען (זיך) פֿאַרגעסן (זיך), געדענקען, זיך
פֿאַר,
טראַכטן, זײַן אָפּגעהיט — געדענק א, גאָט!
זיך דערמאָנט א, מיר פֿאַרגעסן א אַלץ;
אַרײַן, ,
קוקן א, דעם ענין; ג) פֿאַרשטיין, האָבּן אַ
בּאגריף פֿאַרשטיין א, די קליינע אותיעלעך;
—
ד) נעמען נקמה, בּענטשן זיך, שולדיק זײַן אאַ
— א, וואָס בּין איך שולדיק? "גאַנץ פּוילן
בּענטשט זיך א, אים", ייִל; ה) אַנטוויקלען
זיך פֿאַרוואַרפֿן, מגולגל ווערן אע —
אַנטוויק,
לען זיך א, אַ פֿלאַטערל. „מגולגל ווערן א, אַ

קליאַטשע,,, ממוס; ו) זיך באַטייליקן א, אַן
אַרבעט, נעמען אָנטייל א, יענעמס לײַדן;
ז) סאַרשיידענע ווערבן: ס'איז געווענדט א,
-

(מיר, אים); רעדן א, עמעצנס נאָמען. *ר ע ד ן
אין ל ע ר נ ע ן = שמועסן, זיך מתווכּח זײַן,
זיך חקירהן וועגן אַן ענין וואָס האָט צו טאָן
מיטן לערנען גמרא.
13. ווײַזט אויפֿן אַרײַננעמען, אײַנשליסן אין
א גרופּע. אַרײַננעמען א אַ חבֿרה, א אַן
אָרגאַ, ,

-
ניזאַציע, א, חדר, א אַ לערן־שול אאַזוו.
,
14. טרעפֿט זיך אין אַ צאָל א י ד י אָ מ ע ן,
למשל: גיין אין — ,,א, וואָס גייט עס? — עס
גייט א, לעבן‘‘; ,,איינעם גייט א, קאָרטן, אַ
צווייטן א, ליבע, א, אַלץ גייט קיינעם ניט,,, שוו.
פֿאַרגיין אין — ,,זי פֿאַרגייט א אַ געוויין
,
(געיאָמער),,; אַרײַנקומען אין — התפּעלות,

התלהבֿות, היץ אע; וואוינען (לעבן אע) א, שכנות; בלײַבן א, אַ פֿאַרלעגנהייט; טאָן א, עמעצנס אינטערעסן; גיין א, שותּפֿות; זײַן א, דער אַרבעט. זײַן (זיך געפֿינען) א, איינע צרות. זײַן א, גוטן לײַב = געזונט, מיט אַ שיינעם קערפּער. אַרײַנפֿאַלן א אַ מרה־שחורה פֿאָרן

,   .

א אַ נייטיקער זאַך; אײַנשטיין א, די הענט

,

פֿון...; האַלטן זיך אין דער מעלה; אײַנקויפֿן

זיך א, חבֿרה; א .נעסן זיך א, עמעצן (מיט די אויגן); נ ע מע ן א, חשבון, א, (אָנ)באַטראַכט. שפּילן א, קאָרטן (א, זעקס־און־זעכציק). [ס' קענען זײַן אונטערשיידן בײַם יאָ אָדער ניט ניצן אין, למשל: בלאָזן שופֿר — ראָש־השנה, אָבער בלאָזן א, שופֿר צונויפֿצורופֿן דאָס פֿאָלק.
,,... ווי ער וואָלט דערהערט בלאָזן א, שופֿרשל־משיח,,, חג, צמח אַטלאַס I].

15. געניצט אין פֿאַרבינדונגען: א, הסכּם מיט, א, שײַכות מיט, א, צוזאַמענהאַנג מיט

אע.

16. קומט ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון אַ ריי פֿאַרגליווערטע פֿאַרבינדונגען פֿון אַדווערבן און

-

,

אַין

אַדווערביאַלע פּראַזעס, למשל: אינדערפֿרי, אינאיינעם, אינדערוואָכנס, אינדערווײַטן, אינגיכן, אינגאַנצן; אין דער טיף, אין דער לענג, אין דער פֿרעמד; אין דרײַען.

17. שאַפֿט מיטן ווערב ה אַ ל ט ן אַ באַזונדערן אַספּעקט פֿון ווערבן מיטן בּ: זײַן אין פּראָצעס פֿון דער טואונג. האַלטן א, וואַשן, ראַמען, קאָכן אאַזוו. האַלטן א, לייענען, שרײַבּן

אע.

18. ← אין איין.

אין — אַרכ. 1. אַנשטאָט א י ם. „איך וויל בּשינן [= בּאַשײַנען] אין, גוט מײַן פֿאָטר, איך וויל דר היכן אין“, בּראַנט, הקדמה. „איך וויל אויך ווערן אײַן גזאַמלט צו טון תּפֿילה פֿר אין“, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קכד/ב.

2. אַנשטאָט ז יִי. „אויך פֿון אין איך וויל

נעמן צו כּהנים און, צו לויים", טח, ישע ה, סו,
21. ,,איז זיא גאנגן אַר דיא גרושן פֿון ראָם...
-

3. זיא האָט אין וואָל גיפֿאַלין,,, בּראַנט.
אַנשטאָט א י ר. ,,דרום אַך אין ליבּן לײַט, דוט
[= טוט] דען שייני נײַאי בּראַנט שפּיגל קאַפֿן",
בּראַנט, שער־בּלאַט. 4. אַנשטאָט א י נ ע ן ,
בּ אײַך פֿטמ & דטשמ, בּײַם (ו עלן) ריידן
.
איידל. ,,זי ווייסן? [= איר ווייסט?] יאַך בּין
אין מקנא... אין וועט מען נישט אַרויסלאָזן?",
ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922. "איהנס וואַבּ
האָט איהן געשיקט רופֿן צום רבֿ", בּאַש פֿו1
!.
מײַן טאַטנס בּית־דין־שטובּ.
אין — [איין] ניט, ניטאָ, ניטאָ קיין. דאָס
נעגאַציע־וואָרט א י ן קומט קיינמאָל ניט

זעלבּשטענדיק פֿאַר זיך, נאָר בלויז אין אַ

פֿאַרבּינ

ʼ

דונג מיט אַ לק־וואָרט. די בּאַשטענדיקע
פֿאַרבּינדונגען ווערן ווײַטער אויסגערעכנט. עס
קענען אויך זײַן פֿרײַע, אייגן־געשאַפֿענע
פֿאַרבּינדונגען. „איר שרײַבּט וויא עטץ, תּודה לאל,
בּשלום ושלוה זיצט, אין שׂטן ואין פּגע רע“,
פּראָגבּ.
אַין — [אַיִן] דער. מצ נבּ. <שמות, יז, 7 אאַ.
1. דאָס ניט־זײַן, מצבֿ ווען עס איז גאָרנישט
ניטאָ; ניטאָאיקייט, ניט־פֿאַראַנענקייט. „
אומעטום וואו ס'שטייט דאָס וואָרט 'בּרא, מיינט עס:
א יש פֿון אַן אַ'„ פֿון אַ, איז די וועלט
געמאַכט, און אין יעדן הרף־עין ווערט זי ווידער
אַ'„ צײַט, גל I, 'עזאָטערישע פּאָעמע', נ„י
1947. ״די וועלט און אַזוי אַלע העכערע
וועלטן ווירקן נישט קיין שום ענדערונג אין
זײַן איינציקייט יתבּרך מיט זייער בּאַשאַפֿן
ווערן פֿון אַ, צו יש,“, תּניא, כו. „אום
אַוועקצונעמען די גשמיות [פֿונעם בּאַגריף געטלעכקייט]

האָט מען אַראָפּגענומען אַ לבֿוש נאָך אַ לבֿוש,
בּיז ס'איז געבּליבּן אַן 'אין־סוף', און די
שאַרפּע מוחות זײַנען נאָך װײַטער געגאַנגען, און
דערפֿירט צו אַן אַ',,, אָפּאַ, אין פּוילישע װעלדער.
2. גאָרנישט. נישטיקייט. "ער האָט אָנגעהויבּן
ממש מיט אַן אַ, און זיך אַרױפֿגעאַרבּעט". ,,דער
מענטש דאַרף זיך אויסהיטן פֿון גאווה... ער
דאַרף זיך האַלטן פֿאַר אַן אַ, — אַ גאָרנישט
מיט אַ נישט,,, בּנימין רעסלער, טנדו, 1964

אין אַבּסענציאַ

22 ▯ III. ,,אַ מענטש זאָל זיך האַלטן נידעריק און
בּאַטראַכטן זײַן ,,אַני,, װי ,,אַין".
־דיק — אַדי. ,,ס'איז אַלץ נאָך אַ, די װעלט,
ס'איז איצט װי דענסטמאָל בּראשית", צײַט,
גש I.
אין אַבּסענציאַ — ל. װען עס איז ניטאָ
דערבּײַ (דער בּאַשולדיקטער). ,,פֿירנדיקע
נאַציס... פֿאַרמשפּט געװאָרן א אַ',,, לע, טמז,
,

14 ▯ 19(▯1.
אין אַ גוטער שעה — פּראַזע. געניצט

בײַם ווינטשן גוטס, בײַם געזעגענען זיך, ווען
מע נעמט אונטער עפּעס אַ נײַע זאַך, ו□ען מע
הייבט אָן אַן אַרבעט, מע גייט אין אַ שליחות
אאַזוו. „ברוך־הבא, מיט מזל און מיט ברכה,
א אַ ג, ש'!“ — בײַם אָנקומען. „ווען האָט אַ
,

ייִד אַ גוטע ש'? ווען ער ציט איבער אין אַ
נײַער דירה; ווען ס'צעבּרעכט זיך אים אַ טאָפּ;
ווען דאָס ווײַב גייט אים צו קינד, און ווען דער
זון ווערט בר־מצווה„, שוו [אין די אַלע פֿאַלן
ווינטשט מען אים: א, אַ ג, ש']. אויך: אין אַ
גוטער מינוט (צו דערמאָנען) —
פֿראַזע. ווען מע דערציילט עפּעס גוטס וועגן
אייגענע, נאָענטע, וועגן אַ גוט געשעפֿט אע. „מײַנע
קינדער — א, אַ ג, מ, צו דערמאָנען — זײַנען
אַלע ברוך־השם געזונט“.
אין אָדם — [איין אָדאָם] קיין מענטש. ניטאָ
קיין מענטש, ניטאָ אַזאַ מענטש וואָס... [
אָנהייב פֿון אַ צאָל זאַצן, ווערטלעך,
שפּריכווערטער, אַפֿאָריזמען אין תּנך, אין תּלמוד. געניצט
אין לשון פֿון תּח.]
... אַשר לא יהטא — [אַשער לוי יעכטאָ
(־טע)] >מלכים א, ח, 46; דבֿרי הימים בּ, ו,

36. ... וואָס זאָל ניט זינדיקן. „איז נפֿטר געוואָרן אַ ייִד, אַפֿילו אַ פֿרומער ייִד, נאָר ווי אין פּסוק [דאָ איז ער אַ ביסל פֿאַרדרייט] שטייט: א, אָ, ולא י'„, פּרק, געדאַנקען און אידייען.

... (בעולם) בלא יסורים — [(באָאוילאָם) בלוי יעסורים] >ילקוט שמעוני, עקב ח, 3; אויך בראשית רבה, צב, א: אין לך אָדם בלא יסורים. 'ניטאָ אַ מענטש אויף דער וועלט אָן ליַדן'. „דו באַקלאָגסט זיך אויף דיַנע צרות? א, אָ, ב, ב, י„„.

... דן גז(י)רה־שו(ו)ה מעצמו — [... דאָן גזיירע שאָווע מייאַצמוי] >פּסחים, סו/א; נידה, יט/ב. 'קיין מענטש טאָר ניט מאַכן אַ גז(י)רה־שווה לויטן אייגענעם איַנזען'. [ד„ה מע טאָר ניט אויפֿשטעלן אַ הלכה אויפֿן סמך פֿון אַליין געפֿינען ענלעכקייט, אַנאַלאָגיע אין ווערטער פֿון פּסוקים. אַ גזירה־שווה איז גילטיק נאָר ווען מע קריגט זי בקבלה.] געניצט אויך מיטן איבערגעטראָגענעם ב: מע דאַרף זיך ניט פֿאָרשטעלן אויפֿן סמך פֿון אייגענע איבערלעבונגען אָדער טראַכטענישן, ווי אַזוי אַ צווייטער לעבט עפּעס דורך, פֿילט אָדער טראַכט. „איַער שותּף איז אַן אַנדער מין מענטש פֿון

'
זיך נעמט קיין בײַשפּיל ניט אַראָפּ, א, אָ, דן.....,,
... דר עס נהש בבפּיפּה (אַהת) —
[... דאָר אים נאָכאָש ביקפּיפּאָ (אַכאַס)] >

כתו1268

בות, עב/א.   ,אַ מענטש וואוינט ניט מיט אַ
שלאַנג אין (איין) שטײַג (קאָרבּ),. געניצט מיטן
בּ: אַ גוטער קאָן ניט הויזן, אויסקומען מיט
אַ שלעכטן. ,,איך האָב געמוזט אָפּגטן מײַן
אשה, ווײַל א, אָ, ד,....,,
... הוטא ולא לו — [... כויטע וויילוי,
לוי'] <בּבא מציעא, ה/ב. אַ מענטש זינדיקט
ניט, סײַדן פֿאַר זיך (פֿאַר זײַן טובֿה וועגן).
געניצט מיטן בּ: צוליבּ אַ צווייטן, אַ זײַטיקן וועט
קיינער ניט טאָן וואָס מע טאָר ניט. ,,מסתּמא
האָט ער אָפּגעלעקט אַ ביינדל, אַניט וואָלט ער
ניט געשוואָרן פֿאַלש, ווײַל א אָ, ח'....,,

'
... יודע במה (הוא) משׂתּבּר — [...
יוידי אַ בּאַמע, (הו) מיסטאַקער] <פּסחים, נד/כ.
'
אַ מענטש ווייסט ניט פֿון וואָס ער פֿאַרדינט.

„ס'איז ניט געגאַנגען. האָב איך זיך גענומען צו אַן אַנדער פּרנסה. איר ווייסט דאָך: א, אָ, י'...“.
... יודע מה בלבו של חבֵרו — [... מאַ בעליבּוי שעל כאַווײרוי] <פּסחים, נד/ב. אַ מענטש ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך בײַ זײַן חבֿר אין האַרצן; קיינער ווייסט ניט וואָס אַ צווייטער טראַכט אָדער פֿילט. פּאַראַלעל צו: „אַ מענטשנס האַרץ איז הינטער זיבּן שלעסער“.
... מעיז פּניו בּפני בעל־חובֿו — [... מייאיז פּאָנאָוו בּיפֿניי בּאַלכויװואוי] <בּבֿא מציעא, ג/א. אַ מענטש איז ניט מעיז פּנים קעגן ווען ער איז שולדיק. [רבֿהס אַ זאָג: אַ מודה במקצת — ווער עס איז זיך מודה אַז ער קומט אַ טייל דערפֿון — איז חייבֿ אַ שבֿועה, ווײַל ער האָט ניט די העזה אינגאַנצן צו לייקענען. די שבֿועה איז אַן אָפּשרעק־מיטל, ער זאָל אַרויסקומען מיטן פֿולן אמת.] געניצט מיטן ב: לגבי דעם וואָס האָט געטאָן אַ טובֿה — שפּירט מען זיך אָפּהענטיק. „כ'האָב געשיקט אײַנמאָנען דעם גמילת־חסד, האָט ער געלייקנט שטיין און ביין. ווען איך בין אַליין געקומען, האָט ער גלײַך געסילוקט, ווײַל א, אָ, מ'...“.
... מקנה דור שלא בא לעולם —

[... מאַקנע דאָוואָר שעלוי בּאָ לייאוילאָם]
<בּבֿא מציעא, לג/ב.   אַ מענטש קאָן ניט
טראַנספֿערירן (דאָס אייגנטום־רעכט פֿון) אַ
זאַך, וואָס איז נאָך ניט געקומען אויף דער
וועלט. קיינער קאָן ניט איבּערגעבּן אין אַ
צווייטנס רשות עפּעס וואָס איז נאָך ניטאָ, איז
ניט בּנמצא. „מאַכט פֿאַרטיק דעם מאַנוסקריפּט,
וועלן מיר רעדן וועגן אַרויסגעבּן דאָס בּוך.
דערווײַל געדענקט: א, אָ, מ'...“.

... משיס עצמו רשע — [... מייסים
אַצמוי ראָשע] <סנהדרין, ט/ב.   אַ מענטש
,
שטעלט זיך ניט אַרויס פֿאַר אַ רשע'. געניצט
מיט די בּבֿ: 1. (ווי אַ יורידישע הנחה) דאָס
געריכט נעמט ניט אָן דאָס עדות־זאָגן קעגן זיך
גופֿא. [פֿרגל: הודאת בּעל־הדין כמאה עדים דמי,
גילטיק נאָר פֿאַר דיני־ממונות.] 2. (ווי אַן
עטישע הנחה): א) קיינער וויל ניט מע זאָל אים
האַלטן פֿאַר אַ רשע, און וועט ניט דערציילן
אַזוינס וואָס קען אים ווײַזן אין אַ שלעכטן
ליכט; בּ) אַ מענטש זאָל זיך אַליין ניט
דערנידעריקן, ניט זוכן אויף זיך חסרונות, זיך

פֿאַראין אָדם

שוואַרצן דאָס פּנים, אויך: א, אָ, עושׂה עצמו רשע. אויך: א, אָ, רואה הובֿה לעצמו.

„אמת טאַקע, א, אָ, מ, ע, ר„ אָבֿער אַ רשע מאַכט זיך יאָ פֿאַר אַן אָדם“, ווערטל.

... מת והצי תאותו בידו — [... מייס וואַכאַצי טאַאַוואָסוי בעיאָדוי] <לויט קהלת רבה, א, ד:... 'יוצא מן העולם'... 'אַ מענטש שטאַרבט ניט מיט אַ העלפֿט פֿון זײַנע באַגערן אין זײַן האַנט'. געניצט מיטן ב: קיינער דערגרייכט ניט אין לעבן אַפֿילו אַ העלפֿט פֿון דעם וואָס ער וויל. „נפֿטר געוואָרן נעבעך און ניט זוכה געווען צו זען ארץ־ישׂראל, ווי שטייט דאָרטן? א, אָ, מ'...“.

... מת אלא מתוך הבטלה — ‏.. עלאָ מיטויך האַבאַטאָלע] <אָבֿות דרבי נתן, יא/א. 'קיין מענטש שטאַרבט ניט, סײַדן פֿון ליידיקגייערײַ'. געניצט מיטן ב: דאָס אַרומגיין ליידיק, דאָס פֿוסטעפּאַסעווען איז ערגער פֿון אַ קרענק.

... נוק‏ :[אצבעו מלמטה — [... נויקעף עצכּאָאוי מילמאַטאָ] <חולין, ז/ב.] צווייטע העלפֿט: „אלא אם כן מכריזים עליו מלמעלה„..] 'אַ מענטש גיט זיך ניט אַ קלאַפּ אין

פֿינגער אונטן, סײַדן מע לאָזט וועגן דעם אויסרופֿן אויבן'. געניצט מיטן בּ: אַלץ איז בּאַשערט; יעדער ווייטיק, יעדע צרה אָ□ער שטראָף איז מען גוזר פֿון הימל. „די גמרא זאָגט א, אָ, נ,... ד„ה קיין מענטש בּאַקומט ניט די קלענסטע שטראָף, אויסער ווען מע האָט שוין בּאַקענט געמאַכט אין הימל, פֿילײַכט האָט ווער אַ זבות צו זאָגן אויף אים“, שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבּערג 1893.

... נהשד בּדבֿר אלא אם כּן עשׂאו (אויך: עשׂהו) — [... נעכשאַד בּיידאָוואָר עלאָ אים קיין אַסאָאוי] <מועד קטן, יח/ב.

'מען איז ניט ח□שד אַ מענטשן אין עפּעס, סײַדן ער האָט עס געטאָן'. געניצט מיטן בּ: יעדער חשד האָט עפּעס אַ גרונט. [די גמרא פֿירט דאָרטן אויס: האָט עס דער מענטש אַליין ניט געטאָן, האָט ער עס געוואָלט טאָן, אָדער ער האָט זיך געפֿרייט ווען אַן אַנדערער האָט עס געטאָן.]

... נתפּס על צערו [... ניטפּאַס אַל צאַ־אַרוי] <בּבֿא בתרא, טז/ב [דאָרטן: בּשעת צערו]. 'אַ מענטש ווערט ניט געכאַפּט, בּאַשטראָפֿט (פֿאַר ווערטער וואָס ער זאָגט) בּעת ער איז אין צער', ווען ער האָט יסורים. געניצט

מיטן בּ: מע נעמט ניט פֿאַר אומגוט
איבּערגעאײַלטע רייד מחמת יסורים. מע זאָל ניט כאַפּן
בּײַ אַ וואָרט, וואָס רײַסט זיך אַרויס אין
ערגערניש, בּשעת ווייטיק, בּשעת אַ צרה. [אויפֿן סמך
פֿון איובֿ, מב, 7. גאָט זאָגט צו אליפֿז התּימני:
„מײַן צאָרן גרימט אויף דיר און אויף דײַנע
צוויי גוטע פֿרײַנד פֿאַרוואָס איר האָט ניט
גע,
רעדט וועגן מיר אַזוי אוי⃞ריכטיק ווי מײַן
קנעכט איובֿ“, תּי.] ענלעך צו: „צרות נעמען צו
דעם שׂכל“, שוו. „א, אָ, נ'... מע דאָרף קיינעם
ניט מאַכן פֿאַראַנטוואָרטלעך... ווען ער איז
אויפֿגעבּראַכט„, דר, נ. ה. עהרמאן, דער בּעל שם ⃞ון
מיכל שטאַדט, וואַרשע תּרפ„ה. „אַז ער קנײַפּט
נאָר דעם גוף, האָבּ איך פֿאַרגעסן — א, אָ,

אין אָדם...

נ,...“, פּרץ, 'וועניס און שולמית,. „מע קאָן
אים נעבּעך ניט ⃞פֿאַרדענקען, ווײַל א, אָ, נ,...,,,
ייִפּאָל, 1882 41, No.
... עובֿר עבֿירה אלא אם כּן נכנס
בּו רוה־שטות — [... אויווער אַווײַרע עלאָ

אימ קיין ניכנאַס בוי רואַך שטוס] <סוטה,
ג/א.   'אַ מענטש טוט ניט קיין עבֿירה, סײַדן
ס'איז אין אים אַרײַן אַ (גײַסט פֿון) נאַרישקייט,.
דערפֿון: זיך באַנאַרישן אין טאָן אַן עבֿירה, זיך
באַנאַרישן אין גנבֿענען אע. ,,ער טוט די תּאווה,
ווײַל ער האָט פֿאַר גאָט... קיין מורא ניט, ווי
די גמרא הקדושה זאָגט: א, אָ, ע, ע, עד שיכנס
בו ר, ש',,, מ. אחון, סיפּור משני בעלי תּשו▯ה,
ווילנע תּרנ,,ו. אויך:... הוטא אלא אם
כּן נכנסה בּו רוה־שטות. ,,מיר האָבן פֿאַר
זיך אַ פֿאַל, וואָס ווערט ניט אויסגעשעפּט מיטן
באַקאַנטן תּלמודישן מאמר: א, אָ, ח'...,,, איק,
.XI 19▯5 ▯2
... עומד על דבֿרי־תּורה אלא אם כּן
נכשל בּהם — [... אוימעד אַל דיוורייִ טוירע
עלאָ אימקיין ניכשל באָהע'ם] <גיטין, מג/א.
אַ מענטש איז ניט תּופֿס די רייד פֿון דער תּורה,
,
סײַדן ער איז נכשל געוואָרן אין זיי'. געניצט
מיטן ב. פֿון אַ דורכפֿאַל לערנט מען, אַ טעות
.
איז דער בעסטער מלמד. ,,מילא, האָסטו ניט
אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, א, אָ, ע'... איצט
וועסטו מער לערנען און בעסער פֿאַרשטיין,,.

ענלעך: „אַז מע בּריט זיך אָפּ אויף הייסן,
בּלאָזט מען אויף קאַלטן“. אויך:... על דבֿר
הלכה אלא אם כּן נכשל בּה. “די
ישיבֿות האָבּן געליטן אַ גרויסן שאָדן... מיר
דאַרפֿן דערפֿון לערנען: א, אָ, ע,...,,, הרבֿ י.ד.
בּערגמאַן, טמז, 1966 II □י 29.
... רואה הובֿה לעצמו — [... רויע
כויוואָ לייאַצמוי] <שבּת, קיט/א. 'אַ מענטש זעט
ניט שולדיקייט אויף (לגבּי) זיך גופֿא'. געניצט
מיטן בּ: קיינער נעמט ניט די שולד אויף זיך;
קיינער זעט ניט די אייגענע שולד. [די גמרא
דערציילט: מר בּר רבֿ אַשי האָט ניט געוואָלט
פּסקנען אָ דין־תּורה פֿון אַ תּלמיד־חכם, מחמת
אַ תּלמיד־חכם איז אים נאָענט ווי דאָס אייגענע
לײַבּ, און א, אָ, ר,... וועט ער אפֿשר ניט זײַן
גענוג אָבּיעקטיוו.] פּפֿ:... רואה נגעי
[ניג־איי] עצמו — קיינער זעט ניט זײַנע
אייגענע חסרונות פֿרגל: אין אָדם משׂים עצמו

.

רשע.
... שותה בּכּוס אלא אם כּן בּודקו
— [... שויסע בּעקאָ'ס עלאָ אימקיין בּוידקוי]
<כּתובּות, עה/ב. 'אַ מענטש טרינקט ניט
פֿון אַ גלאָז, פֿײַדן ער איז זי (פֿריִע□) בּוֹדק'.

געניצט מיטן בּ: קיינער נעמט ניט אונטער
עפּעס וויכטיקס אומבּאַרעכנטערהייט.
... שליט בּרוח (לכלוא את הרוח)
— [... שאַליט בּאָרואַך ליכלוי עס האָרואַך]
>קהלת, ח, 8. 'קיין מענטש געוועלטיקט ניט
איבּערן ווינט (צו צוימען דעם ווינט)'. געניצט
מיטן בּ: קיין מאַכטהאָבּער, קיין
דיקטאַטאָרישער רעזשים קען ניט דערדריקן דעם
מענטשלעבֿן גײַסט. „ייִדישקייט האָט אויסגעהאַלטן
כּלערליי נגישות ווײַל א, אָ, ש'...„.

1269

... תובֿע אלא אם כּן יש לו עליו —
— [... טויווייאַ עלאָ אימקיין יעש לוי אָלאָוו]
>שבֿועות, מ/ב. אַ מענטש קלאָגט ניט אָן, סײַדן
ער האָט אַ (בּאַרעכטיקטע) תּבֿיעה (אויף דעם
אָנגעקלאָגטן). סתּם אין דער וועלט וועט קיינער
ניט אָנקלאָגן עמעצן. [לויט דעם פּרינציפּ האָבּן
די אַמוֹראָים אײַנגעשטעלט, אַז אַ כּופֿר־בּכּול,
דער וואָס לייקנט אינגאַנצן, זאָל שווערן, הגם
מדאורייתא איז ער פּטור פֿון אַ שבֿועה.]
אינאָוואַטאָר — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־ס.
בּאַנײַער; ווער עס פֿירט אײַן נײַקייטן, נײַע

אויפֿטוען, שינויִים, ווער עס בּרענגט אַרײַן אַן
אינאָוואַציִע   ־יש — אַדי. ־ישקייט.

.

אינאָוואַציִע — די, ־ס. <איי <ל. פּראָצעס
אָדער אַקט פֿון אינאָווירן ←. אײַנפֿיר פֿון עפּעס
וואָס איז נײַ, וואָס איז אַנדערש ווי פֿריִער, ווי
ס'איז געווען אָנגענומען אָדער אײַנגעשטעלט.
מאָדערניזאַציִע. א, אין דער קליידער־מאָדע. א,
פֿון שול־קוריקולום. א'ס אין שטײַערן־סיסטעם.
זײַן אָפּגעהיט מיט א'ס. זײַן קעגן א'ס. „דער
איצטיקער מצבֿ פֿון ייִדיש דערלאָזט פּשוט ניט
אַז מע זאָל זיך שפּילן מיט א'ס וואָס זיי
צעטומלען דעם לייענער און נעמען צו פֿון אים די
זיכערקייט אין די פֿאָרמען וואָס זײַנען שוין
פֿאַקטיש סטאַנדאַרדיזירט“, ימ, ייִשפּ XXIII, 2.
אינאָווירן — טרוו. ־וויר, אינאָווירט.
אַרײַנבּרענגען עפּעס נײַס, אײַנפֿירן אַן אינאָוואַציִע,
מאָדערניזירן, אײַנפֿירן אַ פֿאַרבעסערונג. א, די
ייִדישע קולטור אַרבעט. א, דעם סטיל פֿון דער

-

ייִדישער פּרעסע. פּאַר — אינאָווירט. א'ע
תּקנות פֿון פֿאַראיין   ־קייט.

.

אינאָווערעץ — דער, ־רצעס. רוס. ווער עס

איז פֿון אַן אַנדער גלויבן [בײַ רוסן אָפּט
פֿאַרבײַטוואָרט סאַר 'זשיד']. ,,איך ווייס איינס, אין
-

אַלע אונדזערע פֿאַרלוסטן זײַנען שולדיק די
א'ס,,, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלו
ציע II, אַדעס 1932.
אינאָווראַצלעוו — גנ. שטעטל אין פּוילן,
פּויזנער וואָיעוואָדשאַפֿט; ייִדיש — ל ע ס ל ע
[ניט צו פֿאַרבײַטז מיט וולאָצלאַווועק וואָס האָט
בײַ ייִדן געהאַט דעם זעלביקן נאָמען]. עלטסטער
דאָקומענט וועגן ייִדן אין א, פֿון 15. י,,ה. אַן
אָרט פֿון תּורה און עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד.
נאָך דער פּרײַסישער אַנעקסיע (1772) אַ ירידה
פֿוז דער אײַנגעפֿונדעוועטער ייִד, קהילה פֿון
.
2,500 ייִדן (אַ העלפֿט פֿון דער דעמאָלטיקער
אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג) זײַנען קורץ פֿאַר דער
ערשטער וועלט־מלחמה פֿאַרבליבן אין א, אַן
ערך 1,000 ייִדן. נאָך דעם צוריקקער צו דער
באַנײַטער פּוילישער מלוכה אַ ווײַטערדיקע
ירידה פֿון דעם ייִד, ישובֿ. אין 1‏19 האָבן נאָך
דאָרטן געלעבט ניט מער ווי 231 ייִדן.
אין אומד לנזיקין — [איין אוימעד לינזיקיח

זאַץ. תּח. <בּבֿא קמא, צא/א. ניטאָ קיין
אָפּשאַץ פֿאַר שאָדן'. ד"ה אָ מאָראַלישן אָדער
מאַטעריעלן שאָדן (נזק) קען מען ניט פֿאַרגיטיקן.
,,דו האָסט מיך בּאַליידיקט, איך קען דיר ניט
מוחל זײַן, א, א, ל',,.

אין אוניסאָן

אין אומן בּלי כּלים — [... אומאָן...
קיילים] זאַץ. תּח. <לויט אָבֿות דרבּנו נתן, כב'א.
,ניטאָ קיין בּעל־מלאָכה אָן געצײַג,. געניצט מיטן
בּ: אַ מײַנסטער, אַ קינסטלער מוז האָבּן, קען
זיך ניט בּאַגיין אָן אינסטרומענטן, מכשירים.
ענלעך צו: ,,אַ שנײַדער אָן אַ שער איז ווי אַ
זעלנער אָן געווער,,; ,,מע בּויט ניט קיין קאַמער
אָן זעג און אָן האַמער,,, שוו.

אין אומר ואין דבּרים — [... אוימער
ווע‌איי'ן דוואָרי] זאַץ. תּח. <תּהלים, יט, 4.
'ניטאָ קיין וואָרט און ניטאָ קיין געשעעניש',

תּי. [צווייטע העלפֿט: „וואו זייער ווידערקול ווערט ניט געהערט„; אין פֿאַרבינדונג מיט דעם אַז אַלץ אין דער נאַטור לויבט גאָט.] געניצט מיט בכּ: 1. ניטאָ וואָס צו זאָגן, ניטאָ מיט וואָס זיך צו פֿאַרענטפֿערן. „זײַט מוחל, איך האָב □יך באַנאַרישט — א, א, ו, ד,“. ענלעך צו: מה נאמר ומה נדבר. 2. מע קען קיין וואָרט ניט אַרויסקריגן. אין אָנהייב אָדער צום סוף פֿון אַזעלכע ווערטלעך: שטומען ווי יורקעס הונט, זיך מאַכן געפּגרט, קענען קדחת, אַרויסגעוואָרפֿענע רייד, (כאָטש) שרײַ חי וקיים אע. „ער קען האַלטן אַ סוד — א, א, ו, ד"“. „א, א, ו, ד, — רעד צו אים און רעד צו דער וואַנט„ „ווער? וואָס? א, א, ו, ד, — ער דערקענט מיך גאָרניט“, שע, טבֿיה. „א, א, ו, ד, — ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן„..

3. אַן עמפֿאַטישער אָנזאָג אָדער אַ באַפֿעל, מע זאָל שווײַגן. „א, א, ו, ד, — מאַך אַ שווײַג (פֿאַרמאַך דעם פֿרעסער פּיסק)“. „אַז מע קען ניט און מע ווייסט ניט איז א, א, ו, ד'„..

4. שפּאַסיק, איר. וועגן ניט (קענען) רעדן — “ווי זאָגט מען אויף לשון־קודש אַ שטומער? — א, א, ו, ד'„.. „א, א, ו, ד, — ער רעדט אויף שטום־לשון„.. „א, א, ו, ד□ — מאַך עס בקיצור„..

„א, א, ו, ד, — ער האָט אָנגערעדט נײַן מאָס
רייד‟. „א, א, ו, ד, — אַז דו האָסט ניט וואָס
צו זאָגן, רעד ניט‟.

אין אומרין שירה אלא על היין —
[... אוימרין שירא עלאָ אַל האַיאַיִן] זאַץ. תּח.
<בּרכות, לה/א. 'מע זאָגט ניט שירה נאָר
בּײַם (טרינקען) ווײַן'. „דער טעם פֿון הלל־זאָגן
בּײַם סדר, ווײַל עס שטייט: א, א, ש,...
דערום אָז די ייִדן זײַנען אַרויס מעבֿדות לחירות
זאָגט מען שירה על היין‟, סשי I, קג.

אין אומתנו אומה אלא בתורתה —
[... אומאָסיינו... בּייטויראָסאָ] זאַץ. תּח.
<סעדיה גאָון. אונדזער פֿאָלק איז אַ פֿאָלק
בלויז דורך (מיט דער הילף פֿון) דער תּורה.
גרונט־פּרינציפּ פֿון טראַדיציאָנעלן אײַנשטעל.

אין אונאה לקדקעות — [... אוינאָע
לייקאַרקאָעס] זאַץ. תּח. <כּתובות, צט/ב. „ניטאָ
(דער דין פֿון) אָפּנאַרערײַ בּײַ ערדבּאָדן,
[= בּײַם קויפֿן לאַנד], ד״ה אויב מע האָט
גענומען מער אָדער ווינציקער פֿון ווערט קען מען
ניט צוריקמאָנען [בּבֿא מציעא, נו/א]. „האָט
איבערגעצאָלט פֿאַרן בּאָדן? פֿאַרפֿאַלן! א, א, ל'‟.

אין אוניסאָן — אַדוו פֿראַזע (← אוניסאָן,
806). אין איינקלאַנג. אין פֿולן הסכּם. אַלע

צוזאַמען. טאָן עפּעס א, א, מיט די פֿריִערדיקע באַשלוסן. פּראָטעסטירן א, א'.

אין אונס — [איין אוינעס] פּראַזע <אסתּר, א, 8. [גאַנצער זאַץ: והשתיה כדת א, א, — „און דאָס טרינקען איז געווען ווי געהעריק, קיינער האָט ניט גענייט“, תּי.] גענוצט מיט בבֿ: 1. ניט — איז ניט; איר ווילט ניט — דאַרף מען ניט. „א, א   אַז אײַך איז ניט ליבֿ, איז מיר , —. ניט ניחא“. „איז קיילע ניט קיין כּלה, א, א'“. ”מילא, איר זאָגט זיך אָפּ? א, א'“. 2. עס איז אָן צוואַנג. „א, א, פֿון קהל נייט מען (דאָך , ניט“. ”א, א, — אַ ייִדישע טאָכטער נייט מען ניט„ [מע טאָר זי ניט צווינגען חתונה צו האָבֿן]. „א, א, — מע טאָר ניט גיין בּגוואַלד, בּיד חזקה, מיט תּקיפֿות“. [אַ פּורימדיק ווערטל: — פֿונוואַנען איז געדרונגען, אַז אין די צײַטן פֿון אַחשוורוש זײַנען קיין שנײַדערס ניט געווען (האָבֿן די שנײַדערס געסטרײַקט)? — עס שטייט דאָך בּפֿירוש: א, א, — קיינער האָט ניט

געניייט“.] פֿרגל אונס, 07 .
... בגיטין — זאַץ. תּח. <כּתובות, ב/ב.
,ניטאָ קיין געצוואונגענע סיטואַציע בײַם גט,.
[אויב אַ מאַן האָט געזאָגט צו זײַן ווײַב: נאַ
דיר דײַן גט בתּנאַי טאָמער קום איך ניט דעם
און דעם טאָג, זאָלסטו זײַן געגט, איז דער גט —
אַ גט, און ער קען שפּעטער ניט טענהן:
געצוואונגענערהייט, קעגן מײַן ווילן האָב איך זיך
פֿאַרזוימט.] געניצט אויך מיט בב: 1. ב אַ גט
׳

דאַרף מען קיין צד ניט צווינגען. 2. (שפּאַסיק)
עס דאַרף ניט זײַן קעגן ווילן פֿון איינעם פֿון
די צדדים. ,,איר ווילט ניט די שותּפֿות? איז ניט!

א, א, ב,“.
אין אורה מכניס אורה — [... אויראַך
מאַכניס...] זאַץ. תּח. צב. <לויט בבֿא בתרא,
צח/ב; דרך ארץ זוטא, ח. ,אַ גאַסט ברענגט
ניט מיט (דאַרף ניט, זאָל ניט מיטברענגען) נאָך
אַ גאַסט'. . אורח מכניס אורח, 824. ,,מע

האָט נאָר מיך פֿאַרבעטן, קען איך ניט מיטנעמען
מײַן װײַבל, א, א, מ, א',,. ,,אַז איך אַליין זיץ
אויף קעסט בײַ יענעם, מיט וואָס פֿאַר אַ יושר
קאָן איך נאָך צונעמען צו מיר אַ שותּף אויך?
ווי זאָגט די גמרא? א, א, מ, א',,, ממוס, אין אַ
שטורס־צײַט. איבערן וויש: אין = ניט, אַרן
איין = איינער — זײַנען אויפֿגעקומען
ווערטלעך מיט אַ פֿאַרקערטן ב: ,,איין אורח ברענגט
מיט נאָך אַן אורח,,, און ,,איין אורח איז מכניס
אַ צווייטן“.

אינאַזײַטיק — אַדי. וואָס איז אין אַ זײַט.
די א'ע באַמערקונג. ־יקייט — ,,דאָס איז
געווען די סיבה פֿון... [זײַן] א'“, לע, טמז,
.III 19 2▯

אינאָזעמצעוו־טראָפּנס — אצ נב. רפֿואה
צו שטילן ווייטיקן אין מאָגן. פֿגעז, ווילנע
.15]▯ ▯ ,1929

אין אַהר מעשׂה בית־דין כלום — [איין
אַכאַר מײַסע בעזדן קלום] זאַץ. תּח <לויט
בבֿא מציעא, יז/א. [דאָרטן: הטוען... לא
אָמר...]. 'נאָכן פּסק־דין, נאָכן אורטייל פֿון
געריכט — איז גאָרניט, ד“ה די שפּעטערדיקע

טענות האָבן ניט קיין האַפּט. ◻ עניצט מיט בּבּ:
1. אַ פּסק איז אַ פּסק; ווען אַ געריכט אָדער
אַן אויטאָריטעט האָט עפּעס אָפּגעטאָן — איז
פֿאַרפֿאַלן. „נאָר וואָס קרמט אַרויס, אַז עס איז
קאָמיש? א, אַ, מ, בּ"ד, כּ„ בּן־אַבֿיגדור איז אַ
פּוסק", פּרץ, ליטעראַטור און לעבּן. "א, אַ, מ,
בּ"ד, כּ', נאָכדעם ווי דאָס בּית־דין האָט
אַרויסגעגעבּן אַ פּסק, פֿרעגט מען ניט אָפּ", טמז,
2 .24 1966 II. אַן אָפּגעטאָנענע זאַך קען מען
ניט צוריקכאַפּן.
אין איבּעריקן — אַדוו. דזוו איבּעריק(נ)ס,
◻ .949, 950. "אין איבּריגן איזט מיר... זײַן
גוטי אויף פֿירונג לכּל דבֿר בּיקאַנט", אגרת
שלמה, יז/א.
אין אײַזן — אין די פֿראַזעס: א, א, זעצן,
שמידן = שמידן אין קייטן. „אירה מייַשׂטעט
[= מאַיעסטעט] הבּין בּפֿולין גהט, איר זאָלט...
א, א, גזעצט ווערדין", ר, יום־טובֿ ליפּמאַן
העלער, כּ"י 'מגילת איבֿה', l703.
אין איין — 1. שאַפֿט מיטן ווערבּ ה אַ ל ט ן
אַ בּאַזונדערן אַספּעקט פֿון ווערבּן מיטן בּ:
כּסדר, אַ לענגערע צײַט טאָן דאָס זעלבּיקע.
האַלטן א, א, לאַכן (וויינען, שרײַען אע). האַלטן
א, א, לערנען (האַנדלען, אַרומפֿאָרן, זאָגן

תּהילים אאַזוו). דער יקרות האַלט א, א, וואַקסן.
,,זי פֿאַרגעסט אינעם טאָפּ וואָס האַלט אין אויוון
א, א, אויסלויפֿן“, בּערג▯ דרויבּ. ,,דער מתבודד
האַלט א, א, שטײגן, ער גייט אַלץ העכער“,
לדבּ, נ,,י תשי,,ז, 276. ,,עס האַלטן א, א,
אָנקומען נײַסטע און איבּערנײַסטע כוואַליעס“, צײַט,
טמז, 2 .12 ▯1964 II. אין פֿאַרבּינדונג מיט
אַ ווערבּ און דערנאָך אַ סובּ — ווײַזט אויף
דער בּאַשטענדיקייט און כסדרדיקייט פֿון אַן
איבּערלעבּונג. לעבּן א, א, שרעק (מורא, פּחד).
אין איין א▯מר ועושׂה — אַדוו פֿראַזע.
← אומר ועושׂה, 662. גלײַך, תּיכּף, אָן שום
אָפּלייגעניש. ,,אַ פֿלאַש בּראַנפֿן וואָס ער האָט
א, א, א, ו, צורעכט געמאַכט,,, ש וויגאָדאַ פֿאָר,
,
.I 19▯4 19
אין איין אָטעם — אַדוו פֿראַזע. גאָר אויף
גיך. ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם. כאַפּ▯לאַפּ, א,
א, אָ'. זאָגן א, א, אָ, ווי די עשׂרת־בּני־המן.
א, א, אָ, אַרײַנציִען אַ גלאָז בּראַנפֿן. א, א, אָ,
דערציילן די גאַנצע געשיכטע. ,,געכאַפּט די
קלומקעס און יאָגנדיק א, א, אָ', פֿאַרשוויצט,
פֿארסאָפּעט פֿאַרדולט ווי אויף אַ בּייזער

מהו—   ,

מה,,, ממוס, ווינטשפֿ ,,האָבּן זיך דערטראָגן
קלעפּ אין טיר, א, א, אָ, איז ער אַוועק
עפֿענען,,, סמבּ. ״נאָכגעשריִען אַז ער זאָל זיך
אומקערן, אָבער ער האָט... אַוועקגעיאָגט א, א,
אָ,,,, י מעצקער פֿאָר, 17 1961 XII.

,
אין איין גאַנג — אַדוו פֿראַזע. אין
איינוועגס. גלײכצײטיק. פֿאַר איין גאַנג. קויפֿן א, א,
ג אַ העפֿט און אַ לעבל בּרויט. ,,האבּן מיר א,

,
א, ג, איין קליין קעמרכי גהייארט פֿר איין
(שול) און, האָבּן גמאַכט אונטר אונשׂ... (
פֿרנסים) און'... (טובֿי הקהל)״, שאַר, קלד. דז
אויך: אין איין דרך — ,,האבּ איך יא א, א,

אינאיינעס

ד, .. ג, מאות ר,,ט געבּין,,, גה, ז, 373. אַזוי
אויך: אין איין וועג.
אין איין דעך — מג, טשערנאָוויץ. דזוו אין
איין אָטעם.
אין אין העמד — אַדוו פֿראַזע. אָן שום

סאַרמעגן (געבליבן איז בלויז דאָס העמד אויפֿן
-

לייַב). בלייַבן א, א, ה'. נעמען די כלה ווי זי
שטייט און גייט, נעמען זי א, א, ה,.
אין איינוועגס — אַדוו. גלײַכצײַטיק.
צוזאַמען מיט נאָך אַ טואונג פֿאָרן אויף קבֿר־אָבֿות
.
און א, א, זיך לאָזן רעדן אַ שידוך. קומען צום
זיידן זען וואָס ער מאַכט און א, א, קריגן
חנוכה־געלט. „זאָגט... דעם הרי־אַתּ און טוט א,
א, אָן... דאָס פֿינגערל דער שיינער כלה“, עט,
לידער. „גיין אין מרחץ... און א, א, זיך
שטעלן עטלעכע טרוקענע באַנקעס“, י. ל.
בינשטאָק, בײַא ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896.
„עס גלוסט זיך גיין טאַנצן און טאַקע אַ ביסל
זיך אויסוויינען א, א'“, שע, קליינע מענטשעלעך
מיט.... „קוק אויף ייִדישקייט און א, א□ אויף
אָרעמעלײַט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
י ו נ ה ל ע א, א, — צונאָמען פֿאַר אַן אַלמן
וואָס פֿאָרט איבער עפּעס אַ סיבה אין אַן אַנדער
שטאָט און קומט צוריק מיט אַ נײַער ווייַב□
[מיט יונה אַסאָציאירט זיו אַ שליחות, אַ פֿאָרן.]
אין איין (כ)הרף־עין — [... (קע)

הערעפֿאַ'ייִן] אַדוו פֿראַזע. דזוו אין איין אויגנבליק.
דערגרייבן עפּעס א, א, כּ,־ע'. משפּיע זײַן א, א,
כּ,־ע'.

אין איין מאָס — אַדוו פֿראַזע. 1. מיט אי□ן
מאָס, אין דער זעלבּיקער גרייס. קויפֿן העמדער
א, א, מ'. 2. אין אַ ניט קיין געבּיטענער
פֿאָזיציע. "ער איז מסוכּן קראַנק, האָט ניט קיין
כּוח זיך אַ ריר צו טאָן, ער ליגט א, א, מ',,.
,,ער איז פּאַראַליזירט, זיצט אויפֿן שטול א, א,
מ,".

אינאיינעם — אַדוו. צוזאַמען, בשותּפֿות,
מיט שותּפֿישע כּוחות. בּסך־הכּל. אין
קאַמפּאַניע, בּציבּור. אין איינוועגס פֿאַר איינוועגס.
-
,
א מאַכט עס אויס.... א, האָבּן מיר אַ

קיימא □

,
לן פֿון.... ,,לאָמיר אַלע א, דעם רבּין (
חתנכּלה, די מחותּנים אאַ) מקבּל פּנים זײַן,,, פּל.
,,ווי גאָט גיט — אַבּי א'" פֿוול. ,,אַלץ (בּיידע)

,
א, איז ניטאָ בּײַ □ ייִנעם,,; "אַלע מעלות קענען
ניט זײַן א',,; ,,ליבּע און הונגער וואוינען ניט

א'‘‘; ,,אַזוי לאַנג וואוינט דער פֿויער מיט דער
פֿײַערטע ביז זיי ווערן א,,,, שוו. ,,דײַן קינד
זאָל אויפֿשטיין תּחית־המתים א, מיט דיר‘‘, בײַם
משבֿיע זײַן אַ פֿרוי וואָס שטאַרבט אין נײַנטן
חודש אַז זי זאָל אָפּגעבן, איר קינד. ,,מע הערט

,

די מגילה ווי דעם □ב, דעם רבֿ ווי די מגילה —
און ביידע א, ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי‘‘ פֿוול.

,

,,גאָטס נסים — דרײַ לאָקשנטעפּלעך א'!,,, פֿוול
[ווען עמעצער וואונדערט זיך אויף נאַרישקייטן].
גיין א, ווי תּזריע־מצורע [די צוויי סדרות וואָס
(קענען) קומען אין איין שבת. וועגן צוויי
שלעכטע וואָס האַלטן זיך צוזאַמען]. (גי□ן) א,
ווי מטות־מסעי [אויך די ביידע סדרות קענען
קומען אין איין שבת. אָן שום אַסאָציאָציע מיט

אין איינעם

שלעכטס.] ,,וקבצנו יחד — אַלע קבצנים א,,,,
ממוס, ווינטשפֿ. ,,ווען עס וואוינען א, צען פּאָר
שכנים...‘‘, א. צונזער. ,,איך האָב מיט אים
א, חזירים ניט געפּאַשעט‘‘ פֿוול [= ער קען

,

זיך ניט גלײַכן צו מיר]. „די פֿרייד פֿון זײַן
מיטן רבּין א, אונטער איין דאַך„, חייס־י‍חק
בּונין, חבּ„דיש, לאָדזש 1938.
־דיק — אַדי. „פֿאָלק איז אַ קיבּוץ וואָס
שאַפֿט זיך ניט דורך א'ן אָפּשטאַם, נאָר ד‍רך
א'ע היסטאָרישע איבּערלעבּונגען„, מוו, די
שוואַרצע פּינטעלעך. ־דיקייט — „די גײַע
א, וועט ווערן אַ מקור פֿונוואַנען עס וועלן
קומען נײַע כּוחות“, ימ, קוד, 1941.
אין איינעם — טייל פֿון אַ פֿראַזע. “אָט האָט
איר צוויי קאַסטנס מיט מאַראַנצן, א, א, זײַנען
דאָ..., אין צווייטן (אין אַנדערן)....,. „א, א,
פֿון די טעג וועל איך קומען צו אײַך„.

-

אין איין סײַער — אַדוו פֿראַזע. מיט בּרען,
התלהבֿות. טאַנצן א, א, פֿ'. שרײַען, טומלען א,
א, פֿ'. „די יונגעלײַט האָבּן זיך גענומען א, א,
פֿ, לערנען דעם אַלטן בּנימין אָז בּילדונג איז
פֿאַר ייִדן אַ גליק“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה„.
אין איין צײַט — אַדוו פֿראַזע. גלײַכצײַטיק.
אין דער זעלבּיקער צײַט. „צוויי ייִדן זענען אויף

מיר אָנגעלאָפֿן א, א, צ', איינער פֿון פֿאָרנט,
דער אַנדערער פֿון הינטן,,, ממוס, 'בישיבה של
מטה,.
אין איינצל — אַדוו פֿראַזע. לאַחדים, יעדן
קונה באַזונדער. פֿאַרקויפֿן עפּעס א, א,.
אין איין קול — אַדוו פֿראַזע. צוזאַמען. אַלע
אינאיינעם בײַם רעדן, שרײַען, זינגען אע.
,,אַלע דרײַ ווײַבער האָבן געשריגן א, א, ק,,,,
שע, קליינע מענטשעלעך.... ,,זאָלן אַלע טענהן
א, א, ק',,, א. קאַרפּינאָוויטש, בײַס ווילנער
דורכהוי I.
אין איינקלאַנג מיט... — פּרעפּ פֿראַז נ.
בהסכם מיט, אין האַרמאָניע מיט. צוגעפּאַסט צו.
א, א, מ, דער קאָנסטיטוציע (געזעצן פֿירונגען
,
אאַזוו). א, א, מ, פֿרינציפּן, מיט דעם
געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל. ,,אײַערע רעזאָלוציעס
זײַנען ניט א, א, מ, דעם רעאַלן לעבן,,. ,,שווער
צו לעבן א, א, מ'ן אייגענעם געוויסן“. בּ ר ע נ -
ג ע ן א, א, מ, די פֿריִערדיקע באַשלוסן.
אין איין שטי'ק — אַדוו פֿראַזע. אַרכ.
נאָכאַנאַנד; אָן איבעררײַס. ,,ווילשטו כּפּרה האבן
אויף דיא עבֿירה..., אַזו מושטו זיבן יאַר
אין איינם שטיק וואַנדרן“, מבֿ, מעשׂה קסא.

,,אויף גבליבן איזט ער דיא גאַנצי נאַכט א, א,
ש',,, ,בחורים־ליד', פפֿדמ 1750 [וואַכשטיין־בוך,
ייִוואָ]. ,,ער זעקס טעג האָט א, א, ש, גפֿאַשׂט
טאָג אונ, נאַכט,,, שאַר, קיב.
אין איין שמע־ישׂראל — [שמאַ'ייִסראָעל]
אַדוו פֿראַזע. אין איין מינוט, רגע. אַזוי לאַנג
ווי עס געדויערט אָפּצוזאָגן אָט דעם איינציקן
פסוק מיט די זעקס ווערטער וואָס יעדער ייִד
קען זיי. ,,ער זאָל דערציילן די גאַנצע מעשׂה
א, א, ש,־י,,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,,ווערן א,

1271

א, ש'־י אַ נגיד,,, שע. ,,אויפֿעסן אַ לעבל ברוי

,

א, א, ש,־י',,.
אין איסור הל על איסור — [איין איסער
כאַל אַל...] זאַץ. תּח. <פסחים, לח/כ. אַ

,
פֿאַרבאָט איז ניט חל אויף אַ פֿאַרבאָט,, ד,,ה מע
באַשטראָפֿט ניט פֿאַר צוויי עבֿירות וואָס מע
באַגייט דורך איין אַקט. [תּלמודישע הלכה.
למשל, אויב איינער האָט געגעסן אום יום־כּיפּור

טרפֿות, איז די שטראָף ניט קיין צווייאיקע. דער עונש — כּרת — איז בּלויז פֿאַר ניט פֿאַסטן.]

אין איש — זאַץ. <שמות, בּ, 12; ישעיה, מא, 28. ,קיין מענטש איז ניטאָ', תּי. גענוצט מיט בּב: 1. קיינער זעט ניט, באַמערקט ניט. „א, א, — האָט ער געמאַכט פּליטה“. ״דאָס פּאָרל זוכט אַן אָרט וואו עס איז א, א'“. 2. ניטאָ קיין לײַטישער מענטש, קיינער וואָס איז ראוי אָנגערופֿן צו ווערן בּן־אָדם. „מיר האָבּן געווג מיטגלידער אָבער א, א', ניטאָ קיין פּאַסיקע קאַנדידאַטן„. „א, א, — ניטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש“ פֿוול. ← בּמקום שאין איש.

אין איש מת אלא לאשתו — [... מייס עלאָ לעאישטוי] זאַץ. תּח. <סנהדרין, כב/ב. אַ מאַן שטאַרבּט נאָר פֿאַר זײַן פֿרוי, [צווייטע העלפֿט: „ואין אשה מתה אלא לבּעלה“ — ,און אַ פֿרוי שטאַרבּט נאָר פֿאַר איר מאַן'.] ד״ה דער טויט פֿון אַ מאַן איז אַן אומגליק נאָר פֿאַר זײַן פֿרוי, דער אַלמנה. ← אין אשה מתה אלא לבּעלה.

אין איש עמנו — [... אימאָנו] זאַץ. תּח. <בּראשית, לא, 50. 'קיין מענטש איז ניטאָ

לעבן אונדז,, תּי. ,,זיך אומגעקערט אין שטעטל, געזוכט אַ ייִדן, אָבער א, א, ע, — ניט געבליבן קיין לעבעדיקער נפֿש“.

אין איש שׂם על לבּ — [... סאָם אַל לעוו

(לייוו□ I זאַץ. תּח. >ירמיה, יב, 11.   ,קיין מענטש נעמט [זיך] ניט צום האַרצן', תּי.

קיינעם אַרט עס ניט, קיינעם גייט עס ניט אָן□ “ער איז נעבעך אַ מחוסר־לחם, אָבער א, א, שׂ, ע, ל',,.

אין אַכטן — אַדוו. זאַלבעאַכט. אַכט צוזאַמען, אינאיינעם. ,,ווען מיר טאַנצן א, אַ, אַ שער“, פֿל.

אינאַכטנעמונג — די, ־□ן. א□וו. דאָס נעמען אין אַכט.

אין אַכט נעמען — צגז טרוו. נעם א, אַ'. א, אַ, גענומען.   לייגן אַכט אויף עפּעס, נעמען אין באַטראַכט. צולייגן קאָפּ. ניט דורכלאָזן, זיך אָפּשטעלן אויף דעם, זיך רעכענען מיט דעם. ,,מן זול א, אַ, נעמן זעלכי זאַכן...“, לט1, קנב/ב. ,,די זאַכן זאָל ווער וואול א, אַ, נעמן אַז ער זאָל ניט דינן גאָט צו ירשן דאשׂ גן־עדן...,,, ספֿר חסידים, אָרט? תק,,ז? אין לשון פֿון רעזאָלוציעס: “נעמענדיק א, אַ

אַז...,,.

אין אַלכסון — [אַלאַכסן] אַדוו. אין דער קרום. אין אַ דיאַגאָנאַל. זיך אויסשטעלן א, אַ, פֿון איין ווינקל זאַל בֿיזן אַקעגנדיקן. אַוועקשטעלן דעם לאַנגן טיש א, אַ'. ,,ער האָט

צוריקאינאָסטראַ'נע

וועגס איבֿערגעשניטן א, אַ, דעם גרויסן אויסערשטאָטיקן פלאַץ,,, בערג, אין אַ פֿאַרגרעבֿטער שטאָט.

אין אַמישנע — אַדוו. פֿטמ. דזוו אומישנע, ← 395. בכּיוון. ,,ער טוט עס א, אַ', צו־להכעיס, ווײַל ער איז אין כּעס אויף מיר“. אויך: אין־אַמישנעקייט.

אין אמת ואין הסד — [איין עמעס וועאיי'ן כעסעד] פֿראַזע. תּח. <הושע, ד, 1. 'קיין אמת און קיין גענאָד', תּי. [צווייטע העלפֿט: ,,ואין דעת אלוהים בּארץ,, — 'און קיין דערקענונג פֿון גאָט איז ׳.טאָ אין לאָנד,.] ,,א, א, ו, ח, — אַ הפֿקר־וועלט,,.

אין אמת(ן) — אַדוו & זוו. אויף אַן אמת, אין־דער־אמתן, באמת, אויף דער וואָר ׳ריִער ,, ·

האָט מען זיך געבּרוגזט, דערנאָך א, א, זיך

צעקריגט". „זומר צײַטן גיט מן אַן פֿרייטאג
צו נאַכט גנץ פֿרי שו ן, אונ מן עשׂט... איין
טייל בּענשן אי די זון אונטר גיט, דז היישׂט
א, א, נאָך ניט רעכט שבת", עפּש דרך הישר
לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פֿרק כט. „אחד מני

-

אלף טרעפֿט זיך וואָס קומט אויף פֿון אַזאַ
ערציאונג, איז דאָס טאַקע א, א, אַ וואונדער",
קמ, 47 1866, No. „אַ ביסל אַהין, אַ ביסל אַהער,
פֿון יעדער זאַך דאָס אייבּערשטע, נאָר א, א,

-

אַרײַן — אָן תּורה... אָן וויסנשאַפֿט", שע,
'טײַבּעלע'. „א, א'ן האָט דער ייִד יאָ בּאַוויזן
אַז...", ייִפֿאָל, 50 1882, No.
אין אַ נאָווינע — אַדוו פֿראַזע. זעלטן, ניט

▯

אָפּט; ווען דאָס איז אַ נײַס. געניצט ס'רובֿ
איר מיט פֿאַרקערטן בּ. „שוין, ווילסט א אַ נ,

,

-

ווידער געלט אויף נאַשערײַען?„. „א, אַ נ, זיך
קריגן, א אַ נ מאַכן פֿרידן„ פֿוול. „איז גרייט

, , ,

מיט מיר נאָכאַמאָל א, אַ נ, זיך צעקושן„„ א.
גובּניצקי, סאָוו, היימלאַנד, 2 l961, No.
אינאַנאַנד(ער) — אַדוו. צוזאַמען,

מיט־
אָנאָנד. איינס אין דאָס אַנדערע. צונויפֿמישן
א'(ער) בּיטערע טראָפּנס מיט פֿאַרצוקערט
וואַסער. „צוויי רעקלכר אין אָננדר ווערין אויף
גשנירט גיוועזין„„ 'כ"י וועגן מעצער
עלילתדם, 1669 [פּש III]. „צוויי בּיימער אײַנגעפֿלאָכטן
א'ער, גרינע צעפּ אין גרינע צעפּ
פֿאַרפּלאָנטערט„„ יהואָש, 'בּיימער„. „שפּאַנט דער

דיכטערישער אימאַזש און דער פּאָעטישער פֿאַטאָס

-

אינאײנעם און א'„ ש. ביקל, שר .בער פֿון מײַן
דור I. אינאַנאַנדיק — אַדי. א'ע שפּאַנונגען.
אין אָנבאַטראַכט נעמען — צגז טרוו. נעם
א, אָ', א, אָ, גענומען. פּפֿ: אין באַטראַכט
נעמען. נעמען אין אַכט. ניט פֿאַרגעסן זיך
צו רעכענען מיט דעם, צו האָבן עס אין זינען.
נעמען א, אָ, דעם שוואַכן פֿיזישן צושטאַנד
פֿון.... א אָ, נעמען די קאָמפּליצירטע
פּאָליטי,
שע לאַגע. ווערט געניצט אין אָפֿיציעלע
דאָקומענטן, אין רעזאָלוציעס.
אין אַנדערע אומשטענדן — פּראַזע. ז.טשמ.
דזוו שוואַנגער, מעוברת. טראָגעדיק. מײַן פֿרוי
איז א אַ, א'.

,

אינאָסטראַ'Iנע — אַדי. רוסיצ.
אויסלענדיש פֿרעמדשפּראַכיק. „איך זאָג נאָר אַז ער

.

אינאָסי'ט(אָ'ל)

ווייסט ניט, ווײַל ס'איז אַן א, וואָרט,,, שע, אַ

,

דאָקטער'. ˉנע□ן (וונ: ˉנקע) —
אויסלענדער.

אינאָסי'ט(אָ'ל) — דער, ˉן. פּפֿ: אינאָזי'ˉ
ט(אָ'ל). <איי <גר. (בּיִאָכעמיע) ווײַסער
קריסטאַליזירטער קאַרבּאָהידראַט, צעלאָזלעך אין
וואַסער □[□ □)□(□)□[O). געפֿינט זיך אין געוועבֿן
און פֿליסיקייטן פֿון געוויקסן און בּעלי־חיים,
בּאַזונדער אין לעבֿער, אין מוסקלען פֿון האַרץ,
אין קערנער. ווערט געניצט ווי אַ מיטל קעגן
געשווילעכצן און בּײַם פּראָדוצירן דעם
וויטאַמין Bˉקאָמפּלעקס. ,,פֿון די פֿאַרשיידענע
צוזאַמענשטעלן מיט פֿיטין דאַרף מען נאָך דערמאָנען
אײַזנפֿיטין (← 1077)... אַ נייטראַלע
אײַזנזאַלץ פֿון א, (זעקס־פֿאָספֿאָר־זײַערס)“ פֿגעז,

,

ווילנע 18 '1929 No.

אינאָסענטע — אַדי. שפּאַ נר. אומשולדיק.
נאַאיוו. אַרויסקומען א, פֿון דער אויספֿאָרשונג.
זײַן א', אָן קונצן. אַן א, מיידל.

אין אסתּר מגדת — [איין... מאַגעדעס] זאַץ.
תּח. <אסתּר, בּ, 20. 'אסתּר האָט נאָך ניט
געהאַט אויסגעזאָגט', תּי. [צווייטע העלפֿט:

'מולדתּה ואת עמה, — 'איר אָפּשטאַם און איר פֿאָלק'.] געניצט מיט בכּ: 1. אַן אָנצוהערעניש וועגן יעדן איינעם, וואָס באַהאַלט זײַן ייִדישן אָפּשטאַם, זײַן ייִדישקייט. „קומט אין דער שולע אַרײַן אַ ייִדישער לערער און פֿרעגט: ווער קען ייִדיש?... אַלע שווײַגן! א, א, מ, — דאָס פֿאַרלייקענען איז אין בלוט אַרײַן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 2. באַהאַלטן אַ סוד, ניט אויסזאָגן; מאַכן אַ שווײַג. „אדן זי? גאָרנישט! א, א, מ, — מאַכט זיך תּמעוואַטע“, שע, טבֿיה. „א, א, מ, — ער (זי) מאַכט זיך געפּגרט“ פֿוול. א, א, מ,

פֿאַר— , —

בײַסן די ליפּן און שווײַגן. „א, א, מ, — מײַן טאָכטער, אסתּר, זאָגט מיר ניט מיט וועמען זי איז נעכטן געגאַנגען„. שפּאַסיקער פֿורימדיקער אײַנטײַטש: „א, א, מ, — אסתּר איז ניט געווען קיין זאָגערין, קיין מגידקע, זי האָט ניט געהאַלטן קיין דרשות„.

אין אַפּוטרופּ(□)ס לעריות — [...

אַפּאָטראָפּעס לאַאַראַיעס] זאַץ. תּח. <כּתובות, יג/ב; חולין, יא/ב. 'ס'איז ניטאָ קיין אויפֿפּאַסער אויף (אָפּהיטער פֿון אומדערלויבטע) סעקסועלע באַציאונגען'. געניצט מיטן בּ: ס'איז ניט שייך

שמירה, קיינער איז ניט באַוואָרנט פֿון
געשטרויכלט ווערן, פֿון זינדיקן, ווען ס'קומט צו
ער־און־זי־באַציאונגען. ענלעך צו: "ס'קען
געשען אַ סך, ווען אַ מאַן און אַ פֿרוי זײַנען
אונטער איין דאַך,,, שוו. ,,איך וועל אײַך ניט
קאַווירן אַז זיי האָבן ניט געלעבט ווי מאַן און
פֿרוי, איר ווייסט דאָך: א אַ, ל',.. ,,ער איז

,

טאַקע אַ חסיד, אָבער פֿאַר אַ שומר־נשים וואָלט

איך אים ניט געמאַכט, א, אַ, ל',.. ,,ווי קל :
האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: א, אַ, ל'", קמ,
12 1866, No. ,,ווי אַזוי קאָן איך פֿאַרשטאָפּן
די מײַלער, בעת ער האָט פֿאָרט געלעבט אין
איין הויז מיט דער מעוברתטע חולנית? און
די גמרא זאָגט: א, אַ, ל',,, חג, צמח אַטלאַס II.

2

אינאַ'פּט — אַדי. <פֿר. גאַליציזם. נר.
אומפּעאיק, אומטויגעוודיק. זײַן א, פֿאַר דער אַרמיי.
־ניק — אין אַרגאָ פֿון ייִדישע זעלנערס (
אימיגראַנטן) אין פֿראַנקרײַך.
אינאָקולאַ טאָר — דער, ־ס. 1.
אינסטרומענט אָדער אַפּאַראַט צום אינאָקולירן, ב .

2. (וונ דז) ווער עס אינאָקולירט, ← דוווו.
—ציע — די. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אינאָקולירן.

אינאָקולירן — טרוו. ־ליר, אינאָקולירט. <איי <ל. 'אײַנאייגלען'. 1. (מעדיצין) אַרײַנפֿירן אין אַ לעבֿעדיקן אָרגאַניזם (דורך אײַנשפּריצן אונטער דער הויט) אָפּגעשוואַכטע לעבֿעדיקע אָדער אָפּגעטייטע באַצילן, ווירוסן אע און דורך אַרויסרופֿן אַ לײַכטע קראַנקייט וואָס אָט די מיקראָאָרגאַניזמען פֿאַרשאַפֿן, ברענגען צו דער נייטיקער אימוניטעט (.) קעגן דער אַנשטעקיקער קראַנקייט. א, די קינדער, די אימיגראַנטן. א, פּאָקן, פּאָליאָ אדגל.

2. (באָטאַניק) שטשעפּ(י)ען, מרכּיבֿ זײַן; אַרײַנשנײַדן שפּראָצאייגלעך, אַ ריטל, אַ דין צווײַגל אין אַ געוויקס פֿון דעם זעלבֿיקן מין, אָבער פֿון אַ קולטיווירטערער מדרגה, און דורכדעם פֿאַרבעסערן דאָס ווייניקער ניצלעכע געוויקס (כּדי צו קריגן בעסערע פּירות, דערגרייכן דאָס געוויקס זאָל וואַקסן שענער אע). א, עפּל, רויזן אדגל. א, דעם עפּלבוים, דעם רויזנקוסט.

3. (פּיג) משפּיע זײַן עמעצן (געוויינלעך) צום שלעכטן דורך אָנשטעקן מיט פֿאַלשע אידייען אָדער שלעכטע מידות. א, א י ן עמעצן אַ

הפֿקר־באַציאונג צו אַלע ווערטן —ונג ־ער.

. .

אינאָקע'נט — 'אומשולדיק'. נאָמען פֿון אַ
צאָל פֿויפּס(ט)ן. [די פֿאָרעם איז אין ייִדיש
פֿאַסיקער ווי אינאָצענט.] „דער פּויפּס א, XI
האָט פֿאַרווערט ייִדן זיך צו פֿאַרנעמען מיט
באַנקירערײַ (1682) און א, XIII האָט באַפֿוילן אַז
ייִדן מעגן פֿאַרקויפֿן נאָר אַלטע קליידער„, ימ
א־בז־ שד 280 ,־II.

אין אָרדענונג — צוזאַמען מיט ז ײַ ן אָדער
וו ע ר ן. געניצט מיטן ב: ס'איז (ס'ווערט) ווי
עס באַדאַרף צו זײַן; ניטאָ מער קיין
שוועריקייטן. „— זײַט איר דורכגעקומען מיט די
שותּפֿים? — ס'איז שוין א, אָ,,,. ,,.־— וואָס הערט
זיך בײַ אײַך? — אַלץ איז א, אָ''. א, אָ,
מ אַ כ ן — ספּעצ: זאָרגן, זען צו קריגן די
נייטיקע דאָקומענטן. „דו מוזסט זיך מאַכן א,
אָ'! — איך בין שוין א, אָ', איך האָב שוין די
אַרבעטס־פֿאַפּירן'', רייד (פֿאַריז, אָנהייב 30.
יאָרן 20. י„ה).

אין — אַרום — צגז פּרעפּ. צווישן די ביידע
טיילן — וואָרט אָדער ווערטער פֿאַרן אָפּשניט
פֿון צײַט. א אַ קורצער צײַט אַ'. קומען מיך

,

זען א, אַ וואָך אַ'. א, צען מינוט אַ', וועט עס
ווערן פֿאַרטיק. א, הונדערט יאָר אַ'. „א, דרײַ
טעג אַ, וועט פּרעה אויפֿנעמען דײַן קאָפּ", תּי,
בּראשית, מ, 13. „א, זעקס וואָכן אַ, האָט זיך
דאָס גראָז אונטערגעהויבּן", ע איזראַ, צײַג,
קיִעוו 1928. „א, עטלעכע יאָר אַ, איז

אונטעראין אַתּה בּז־הורין...

נעשפּרונגען די צײַט צו שטעלן זיך צום
פּריזיוו„, נ. גאָלדבּערג, צוק, סעפּט, 1957.
אין — אַרײַן — צגז פּרעפּ. צווישן די בּיידע
טיילן — וואָרט אָדער ווערטער צו בּאַצייכענען
דעם אָרט. 'אָרט, קען דאָ האָבּן אויך אַ
צווייטיקן בּאַטײַט, אויך פֿיג, ← אין, בּבּ 1 —4. גיין
א, מאַרק (בּי ־מדרש, שול, אאַזוו) אַ'. קלאַפּן
א, קאָפּ אַ'. *האַקן ווי א, קרויט אַ, = שלאָגן,
שמײַסן אַ סך. ניט נעמען א, מויל אַ, קיין
טראָפּן וואַסער. גייט א, אײַער רו אַ, — אויך
צו בּייזע רוחות. אַרײַנלאָזן א, גן־עדן אַ'. גיין
א, טעאַטער אַ.. קוקן א, איין פֿינטל אַ'. „ס'איז
א, איין אויער אַ', פֿון אַנדערן אַרויס" פֿוול —

,

א) ווען מע פֿאַרגעסט וואָס מע האָט אָ ווײַלע
פֿריִער געהערט; בּ) ווען מע רעכנט זיך ניט
מיט אַ מיינונג. שעלטן (אויסזידלען) עמעצן א,
(זײַן) טאַטן (טאַטנס טאַטן) אַ'. „אַז מע
קלײַבּט צו פֿיל, פֿאַלט מען א, אַ בּלאָטע
אַ'„; „איידער אַ ייִד גייט א מאַרק אַ', קאָסט

,

אים אַלץ וואָלוול“; „אײַל דיך ניט, ציג, א,
וואַלד אַ', וועסט שפּעטער צום וואָלף
אָנקומען“; „אַ ווײַבּ קען שיקן א, קלויז אַ, און קען
טרײַבּן צום שמד„; „אַז איין ווײַבּל שטאַרבּט
אין קימפּעט, שטײַט זיך דאָס אַנדערע ווײַבּל א,
מקווה אַ, צו גיין“, שוו. „אַזוי ווי עס אײַלט
זיך אַ פֿויגל א, דער נעץ אַ'...“, מס, משלי
תּקע„ד, ז, 23. „די גרויסע... נעמען אים א,
קאָן אַ, צום שווימען„, ייִל, ניט טויט, ניט
לעבּעדיג ווילנע תּרנ“ח. „איך וויל [די שול] זאָל
אויך זײַן הויך, זי זאָל אויך שפּאַרן א, הימל
אַ'„, פּרץ, 'דאָס קראַנקע ייִנגל'. „הט מן גנומן
א, תּפֿיס אַ אַלי עלצטי פֿון יהודים“, שי, ג/א.

, ,

אין אשה מתה אלא לבעלה — [איין אישע
מייסאָ עלאָ לייבּאַאַלאָ] זאַץ. תּח. <סנהדרין,
כב/א.   אַ פֿרוי שטאַרבּט נאָר פֿאַר איר מאַן,

ד„ה נאָר דער מאַן לעבּט שווער איבּער דעם
טויט פֿון זײַן פֿרוי. ← אין איש מת אלא
לאשתּו.
אין אַתּה בּא לידי עבֿירה — [... אַטאָ בּאָ
לידיי אַווײרע] זאַץ. תּח. <אָבֿות, ב, א. 'דו
ווערסט ניט קומען צו אַן (ניט בּאַגיין קיין)
עבֿירה'. [דאָרטן: „טראַכט זיך אַרײַן אין דרײַ זאַכן
ואין אַתּה בּא...: ווייס וואָס איז פֿאַראַן איבּער
דיר אַן אויג וואָס זעט און אַן אויער ו□אָס

הערט און אַלע דײַנע מעשׂים ווערן □אַרשריבּן
אין דעם בּוך“, פּיעט.] „א, אַ, בּ, ל, ע, — אין
טורמע אָדער אין די אָקאָפּעס“, ווערטל (בּעת
דער ערשטער וועלט□.מלחמה). „ווען מען איז
גובֿר דעם יצר־הרע צו די דרײַ נונען (נשים,
נכסים, נקמה) — איז א, אַ, בּ, ל, ע',„ ווערטל.
אין אַתּה בן־הורין להבּטל ממנה —
[... בּען־... לײהיבּאָטייל מימענאָ] זאַץ. תּח.
<לויט אָבֿות, בּ, יח. 'דו בּיסט ניט קיין
פֿרײַער מענטש אַוועקצוגיין פֿון □יר (ניט צו
טאָן די אַרבּעט)', פּיעט. געניצט מיטן בּ□ מע
טאָר זיך ניט בּאַפֿרײַען, זיך אָפּזאָגן פֿון אַ
געזעלשאַפֿטלעכער אָדער יחידישער אַרבּעט וואָס

בינדט זיך מיט אַ מאָראַלישן חובֿ. „פֿאַרזיכערן
דעם המשך פֿון ייִדישן וועלט־פֿאָלק — לא עליך

אין בּאָך אַרײַן

המלאכה לגמור — האָבּן מיר טאַקע געלערנט,
אָבּער מע האָט אונדז אויו אָנגעזאָגט אַז א, אַ,
בּ,־ח'...“, טמז, 1966 II □י 29.
אין בּאָד אַרײַן — מיט פֿ י ר ן = אָפּנאַרן.
„איר וועט מיך ניט פֿירן א, בּ אַ'!„. ר ו פֿ ן

,

א, בּ, אַ'. גיין פֿאַרבּײַ םײַטלען א, בּ, אָ, =
א) גיין מיט אומנייטיקע אומוועגן; בּ) פֿאַרקריכן
העט אין אַ זײַט בּײַ אַ וויכּוח.
אין בּאַדענק נעמען — צגז טרוו. נעם א, בּ',
א, בּ, גענומען (גענעמען). נעמן אין
בּאַטראַכט. בּאַטראַכטן. האָבּן אין זינען און טראַכטן
וועגן דעם. [געווען אין לד בּיז אַן ערך 20.
י„ה]. “איך שלאָג השידוך ניט אויז, אַך ורק
איך וויל עשׂ אין בּידענק נעמין“, גה, ז, 216.
אין בּאַצוג צו — צגז פּרעפּ. דטשמ. בּנוגע,
בּשײַכות מיט. א, בּ, צ, פֿאָליטיק.
אין בּאַר — אין בּאַר געלט, אין מזומן געלט,
בּמזומנים. „ווען איר זאָלט דאָס האָבּן א, בּ,

וואָס דער... זון האָט מיך אָפּגעקאָסט“, א.
מאָרגענשטערן, עגל הזה□, וואַרשע 1898.

אין בּודקין בּד(י)עות — (בּציצות) —
[איין בּוידק(י)ן בּעדייעס...] זאַץ. צבֿ. □ דוווו.
מען איז ניט בּודק יענעמס געדאַנקען, צי ער איז פֿרום אָדער ניט גענוג פֿרום, צי ער טראָגט כּשרע ציצית אע. געניצט מיט בּבֿ: 1. ווען מע דאַרף העלפֿן אַ נויטבּאַדערפֿטיקן, זאָל מען ניט נעמען פֿאָרשן יענעמס מיינונגען אָדער פּירונגען. 2. מע דאַרף זיך ניט גריבּלען אין דעם צווייטנס נשמה.

אין בּודקין למזונות — [... בּוידק(י)ן לימזוינעס] זאַץ. תּח. <בּבֿא בּתרא, ט/א. 'מען איז ניט בּודק (מע פֿאָרשט ניט נאָך) וועגן בּאַשפּײַזונג', ד"ה ווען עמעצער קומט צום קהל (צו אַ געזעלשאַפֿטלעכער אינסטיטוציע) נאָו הילף און זאָגט אַז ער איז הונגעריק, דאַרף מען נישט חוקר ודורש זײַן צי ער זאָגט טאַקע דעם אמת, נאָר מע דאַרף אים גלײַך העלפֿן. [אָט דער עטישער אָנזאָג איז חל אויף יעדן יחיד: ווען עמעצער שטרעקט אויס אַ האַנט נאָך אַ נדבֿה, דאַרף מען אים געבּן און ניט נעמען פֿאָרשן — צי אַפֿילו נאָכטראַכטן — אפֿשר פֿאַרשטעלט זיך יענער גאָר פֿאַר אַן

אָרעמאַן.]

א, ב, לבסות — [... ליקסוס]. דאָרטן.
דאָס זעלביקע ווען מע בעט עפּעס זיך
צוצודעקן אָדער אָנצוטאָן.

אין בו מתום — [... בוי מעסוי'ם] זאַץ. תח.
<ישעיה, א, 6. ,אין אים איז קיין גאַנץ גליד
ניטאָ', תּי. געניצט וועגן: א) אַ זייער קראַנקן
אָדער דערשלאָגענעם. ,,ער איז אַרויס אַ
לעבעדיקער פֿון לאַגער אָבער א, ב, מ'"; ב) אַ
מאָראַליש פֿאַרדאָרבענעם. ,,אין אים שלאָגט
(קלאַפּט) ניט קיין ערלעכער אָדער, א, ב, מ'".

אין בור ירא־הטא — [... יעריי'־כע'ט] זאַץ.
תּח. <אָבות, ב, ג. 'אַ פּוסטער (מענטש) איז
ניט (קען ניט זײַן) זינדפֿאָרכטיק'. פֿון הלל'ס
אַפֿאָריזמען; לויטן רמבם איז ,בור, איינער

▯ 12,

וואָס פֿעלט אים חכמה און תּורה,
אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע אייגנשאַפֿטן, ווײַל ער
פֿאַרשטייט ניט אונטערצושיידן צווישן גוטס
און שלעכטס.

אין בידינו לא משלוות הרשעים —
[... בעיאָדיינו לוי מישאַלוואַס האָרשאָאים] זאַץ.

תח. <אָבות, ד, יט. 'מיר האָבן ניט פֿון דער
רואיקייט פֿון רשעים'. [צווייטע העלפֿט: ,,ואַף
לא מיסורי הצדיקים,, — ,און אויך ניט פֿון די
יסורים פֿון די צדיקים'. ,,די מפֿרשים זאָגן אַז
ר, ינאי שטעלט דאָ אַוועק די שווערע קשיא פֿון
'צדיק — ורע לו, רשע — וטובֿ לו', פֿאַרוואָס
מיר זעען גאַנץ אָפֿט אַז רשעים האָבן שלווה,
רואיקייט... און צדיקים לײַדן יסורים. און
ער זאָגט אַז: 'אין בידינו, — מיר האָבן ניט
דעם תּירוץ דערצו, מיר פֿאַרשטייען עס ניט,,,
פּיעט.] געניצט מיטן בּ: מיר באָדן זיך ניט
אין וואוילטאָג און מיר זײַנען ניט אויף צרות;
ניטאָ קיין באַזונדערע פֿרייד און ניטאָ קיין
באַזונדערע לייד. ,,—. וואָס מאַכט איר? — אַזוי
זיך, א, בּ, ל,....,,
אין בית... — [... באַיִס] פֿראַזע. תח. <שמות,
□בּ, 30. □. דווו. ,ניטאָ קיין הויז'. א, בּ, אָן
אַ צרה (קלאָג, פּלאָג, אע). א, בּ, אָן אַ סוד.
,,געשטאָרבן מײַן ווײַב, די עקרת־הבית — איז
טאַקע א, בּ, — דאָס הויז איז קיין הויז ניט
מער,,. ,,אין אונדזער קיִעווער געגנט איז א, בּ,
אָן אַ פֿידעלע,,, פּרץ, ,גלגול פֿון אַ ניגון'.
אין בית אַשר אין שם (מת) — [... אַשער
איין שאָם מעס] זאַץ. תח. ← דפֿוו. [דאָרטן

וועגן מכּת־בּכוֹרות: „ס'איז ניט געווען אַ הויז,
וואָס דאָרטן זאָל ניט זײַן אַ טויטער„. תּי.]
געניצט מיטן ערשטיקן בּ, און אויך
פֿאַראַלגעמיינערט. „דאָס אומגליק האָט קיינעם ניט
אויסגעמידן. ס'איז געקומען די כאָלערע און א, בּ,
אַ'.....„ „די נאַציס האָבּן פֿאַרטיליקט דאָס
שטעטל, קיינער איז ניט געבּליבּן, א, בּ, אַ'.....„
געניצט אויך אָן דעם לעצטן וואָרט. „א, כּ, אַ,
... אין שם אַ געמישטע חתונה“. „א, בּ,
אַ'... אין שם קנאה און שׂנאה„. „א, בּ אַ'...

,

אין שם וואַנצן„.
אין בּית־דין יכול לבַטל — [... בּעזדן
יאָבל לייוואַטייל] זאַץ. תּח. <עדויות, א, ה; גיטין,
לו/ב. 'אַן (אַנדער) בּית־דין קען ניט מבַטל
מאַכן (אָפּשאַפֿן), [צווייטע העלפֿט: דבַרי
בּיתדין חבַרו עד שיהיה גדול ממנו...]. „די
היַינטיקע רבּנים טאָרן ניט מבַטל מאַכן אַ מנהג,
וויַיל א, בּ,־ד'.....„ געניצט אויך
אויסגעבּרייטערט: „די היַינטיקע אַסיפֿה טאָר ניט בּיַיטן
די החלטה פֿון דער פֿריִערדיקער, וויַיל א, בּ'־
ד, י'.....„
אין בּכך כלום — [... בּייקאַ'ך קלו'ם] זאַץ.

תּח <דמאי, א, ד. 'ניטאָ אין דעם גאָרניט',
ד,,ה עס מאַכט ניט אויס, עס שאַט ניט, ס'איז
קיין בּייז ניט. ,,נו, אַז איך האָבּ דיר ניט
געענטפֿערט אויף דײַן בּריוו, איז וואָס? א, בּ,
כּ',,, פּבּ פֿאַר קאָפּווייטיק דאַרף מען זיך ניט
□ ,,
שרעקן, א, בּ, כּ'‘‘; ,,אַ גלעזל טיי און אַ
קאַפּיטל תּהילים קענען ניט פֿאַרשאַטן, א, בּ, כּ',,.

אין בּפֿיהו נכונה

אין בּכלל אלא מה שבּפֿרט — [...
בּיכלאַל עלאָ מאַ שעבּיפֿראַט] זאַץ. תּח. <בּכורות,
ו/א. 'ס'איז דאָ אין כּלל בּלויז דאָס וואָס
ס'איז דאָ (איז אויסגערעכנט) אין פּרט'. איינע
פֿון ר, ישמעאלס דרײַצן מידות — די אופֿנים
ווי אײַנצוטײַטשן די תּורה, למשל: ,,פֿון אַל
דײַן פֿיך (כּלל) זאָלסטו הייליקן דעם זכר, דעם
ערשטלינג פֿון אָקס און שעפּס‘‘ (פּרט), תּ',
שמות, לד, 19. די אויסרעכענונג פֿון פּרטים
בּאַגרענעצט דעם כּלל, ד‘‘ה דאָס הייליקן דעם
זכר איז חל בּלויז אויפֿן אָקס און שעפֿס.
געניצט מיטן בּ: מע דערקענט, מע שאַצט אָפּ
אַ קאָלעקטיוו, אַ קיבּוץ לויט דער אויפֿפֿירונג
פֿון זײַנע יחידים. ,,די ענטפֿערס פֿון אַ היפּשער

צאָל יחידים ווײַזן אונדז די שטימונג אין לאַנד,
ווײַל א, בּ, א,...,..
אין בּן־דוד בּא... — [... בּענדאָוויד באָ...]
אָנהייב פֿון עטלעכע מימרות, וואָס ווײַזן אָן
דעם סימן אַדער תּנאַי, ווען משיח וועט קומען.
'דודס זון [לויט דער טראַדיציע שטאַמט משיח
פֿון בּית־דוד] וועט ניט קומען, (סײַדן)...
א)... אלא בּדור שכּולו זכּאַי או
(בּדור) (ש)בּולו הייבֿ — [... עלאָ בּעדאָר
שעקולוי זאַקײַ אוי... כאַיעוו] <סנהדרין,
צח/א. משיח וועט קומען נאָר אין אַ דור וואָס
וועט זײַן אינגאַנצן ריין, גערעכט, אָדער
אינגאַנצן זינדיק, שולדיק. „די וועלט איז פֿול מיט
רשעות, ס'איז משיחס צײַטן. איר ווייסט דאָך —
א, בּ'־ד, בּא...“;
בּ)... עד שיכלו גסי־הרוה מישׂראל
— [... אַד שעיִכלו גאַסיי־האָרואַך מעיִסראָעל]
<סנהדרין, צח/א. ... סײַדן ס'וועלן מער
ניט זײַן קיין גרויסהאַלטערס בײַ ייִדן.
ג)... עד שיתיאשו מן הגאולה —
[... שעיִסי'אָאַשו מין האַגעאולע] <סנהדרין,
צז/א.... סײַדן מע וועט זיך מייאש זײַן אין
דערלייזונג, ד„ה אומגעריכט, ווען מע וועט שוין
אויפֿהערן צו האָפֿן אויף גאולה.

ד)... עד שתכלה פּרוטה מן הכּיס
— [... שעטיכלע פּרוטע מין האַקיס] <
סנהדרין, צז/א.... סײַדן עס וועט אויסגיין דער
(לעצטער) גראָשן פֿון בײַטל, קעשענע, ד,,ה
ווען די עקאָנאָמישע נויט וועט זײַן זייער גרויס.

אין בּנות־ישׂראל הפֿקר — [... בּנויס
ייִסראָעל העפֿקער] זאַץ. תּח. <יבמות, קז/א.
ייִדישע טעכטער זײַנען ניט (קיין) הפֿקר. ,,מיר
האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די כּוליגאַנעס וואָס
לויערן אויף אונדזערע טעכטער, א, בּ,־י, ה',,.
,,מע טאָר ניט צוזאָגן חתונה האָבן און
דערנאָך ניט האַלטן וואָרט — א, בּ'־י, ה'".

אין בּעל־הנס מכּיר בּנסו — [...
בּאַלהאַנעס מאַקיר בּעניסוי] זאַץ תּח. <לויט נידה,
לא/א. [דאָרטן: ,אַפֿילו בּעל־נס אינו מכּיר בּנסו'.]
דער בּעל־נס פֿאַרשטייט זיך ניט אויף זײַן נס,
ד,,ה דער מענטש פֿאַרשטייט אַליין ניט
אָפּצושאַצן אַ גליקלעכע פּאַסירונג. ,,מע דאַרף גומל
בּענטשן און מע בּענטשט ניט, ווײַל א, בּ,־ה'...".

-

אין בּסיהו נכונה — [... בּייפּיהו נעכוינאָ]
זאַץ. תּח. <תּהלים, ה, 10. 'ניטאָ אין זייער

אין בּרירה

(זײַן) מויל קיין ריכטיקייט', תּי. „מע קען אַים ניט גלייבּן אַ וואָרט, א, בּ, נ'„.

אין בּרירה — [... בּריירע] פֿראַזע אָדער ז ץ.
<גיטין, כד/ב; עירובֿין, לו/ב אאַ. ניטאָ קיין אַלטערנאַטיוו, קיין מעגלעכקייט אויסצוקלײַבּן. ניטאָ קיין אויסוועג. מע קען זיך ניט העלפֿן. טאָן (געבּן) עפּעס א, בּ'. א, בּ פֿאַר א, בּ ,
, — מע מוז סײַוויסײַ. אויך: ,
בּאין בּרירה. „א, בּ, איז אַ גרויסע גזירה“; „א, בּ, — מעג מען טאָן אַן עבֿירה„;
פֿאַר אין (בּאין) בּרירה בּאַגייט מען אַן
-
„
עבֿירה“, שוו. „א, בּ, — ווילסט ניט בּלײַבּן, פֿאָר געזונטערהייט“. “א, בּ, — יעדזש קוסאָבּיע“ [פֿאָר זיך אַליין]. „די גלײַכע זכויות

[גלײַכבּאַרעכטיקונג] זײַנען תּמיד נאָר אַ גרויסע נדבֿה וואָס מע גיט א, בּ, דעם ייִדישן פֿאָלק, דעם בּעטלער“, ממוס, אַ סגולה.... „[פֿאַרשווײַג נאָר מחמת א, בּ, צו פֿאַרהיטן, מע זאָל ניט

דאָס מפֿרסם זײַן אין רוסישע צײַטונגען‘‘, קמ, 25 No. ,1866 ‘‘דער בעסטער גענעראַל איז געווען א, ב’‘‘, רייד (א‘‘י, וועגן נצחון אין 1948 איבער די אַראַבישע אַרמייען). ‘‘דער גענעראַל א, ב, האָט באַפֿוילן ר, ישׂראלן אויך — צו זיגן‘‘, טמז, 29 ◻ 1967. שפּאַסיק: א, ב, — אַז עס איז דאָ איין ברירה, איז דאָך די צרה ניט אַזוי גרויס! א,־ב’־יי ד — אָפּגעפֿרעמדטער ייִד וואָס דער ניט־ייִדישער אַרום צווינגט אויף אים אַרויף דאָס פֿאַרבינדן זיך מיטן ייִדישן כלל.

־דיק — אַדי. אַן א’־ב’ע סיטואַציע.

אינבּרירהוּוען — אוטוו. 1. געדוייערדיק לעבן אין אַ סיטואַציע פֿון אין ברירה. 2. כסדר זאָגן (זיך פֿאַרענטפֿערן מיט) אין ברירה. אָפּטאָן מיאוסע שטיק און דערנאָך א’־ב’.

אין גאָטס אויערן — פֿראַזע. בײַם הערן אַ ברכה, אַ וואונטש. פֿון דײַן מויל א, ג, א,

‚‚ .

(אַרײַן)‚‚..

אין גאָטס ווילן — פֿראַזע. אַרכ. דזוו בעזרת־השם, אם ירצה השם. ‚‚ער צירט... צי קאַפּן סחורה. האָט דער חבֿר צו אים גיזאגט: זאָג אין גוטש ווילן‘‘, בראַנט, פּרק נ.

אינגאַלקע — די, ־ס. דזוו אולענגאַלקע,
.508 .

אין גאַנג לאָזן — צגז אַקוזוו. אָנהייבן ניצן.
אַרויסגעבן אויף צו ניצן. א, ג, ל, נײַע
אַסיגנאַציעס. ל, א, ג, די נײַע מאַשין. ,,גייט אַרום
מיט אַ שטעקן וועלכן ער לאָזט פֿון צײַט צו
צײַט א, ג',,, עלמאַר ריוואש, סאָוו, הי מלאַנד,
6 1962, No. אויך: אין גאַנג זײַן — זײַן
פֿאַרשפּרייט. ‘‘עס זײַנען א, ג, פֿאַלשע
צענערלעך‘‘.

אינגאַנצן — אַדוו. 1. בסך־הכּל, אין סכום,
אין דער סומע פֿאַרמאָגן א, עטלעכע קערבלעך.
.
,,— וואָס האָט ער א'? — 53 זאַכן (פֿרעדמעטן):
אַ פֿעשל קאָרטן און אַ העמד אויפֿן לײַב (און
אַ ווײַב),,. ‘‘א, האָט ער איבערגעהאַט דרײַ
ווײַבער און זוכט איצט אַ פֿערטע‘‘. ‘‘געקוי ט בײַ
איין סוחר 432 עמער ווײַן און בײַ דעם אַנדערן

732 עמער. ווילסטו וויסן וויפֿל עמער דו האָסט
א',,, מלאכת מחשבֿת, ווילנע 1874.
2. ניט מער ווי, בלויז, נאָר. ,,געווען אָ
משפּחה אַ גרויסע, אַ פֿאַרצווײַגטע, און

געבליבן — א, איך און מײַנע אָ קוזינקע,,. ,,ס'איז
א אַ האַלבע מײַל פֿון דאָרף,,. ,,ער איז אַזוי
,

רײַך, באַדאַרף ער האָבן א, צוויי קינדער,,, שע,
ט־יה.

3. אָן שום צוגאָב פֿון נאָך עפּעס. ־זי איז
א, נערוון,,. ,,דער פֿלאַן איז א, אַ נאַרישקייט“.
,,וואָס אַזוינס וועל איך דאָ געווינען? ווייס
איך דען נישט אַז סע איז א, בלאָטע מיט
בלאָטע?“, צײַט, ציטירט פֿון אַ בראַצלעווער
תּפֿילה. ,,א, איז ער געווען אַ דאַר
אויסגעדײַוועטע יידל“, ממוס, שלמה. ,,ער איז א, שׂכל
און איר זענט א, געפּיל“, באַש פֿאָר, 18 1967 II.

,

4. גאַנצערהייט, אין אַ פּולער מאָס. צוזאַמען.
,,אָט איז די משפּחה א'“. “הלוואַי איבער אַ
יאָר א'“ [= געזונט, אַלע צוזאַמען]. ,,המבֿדיל
בין קודש — מיט אַ מיידעלע איז אַלע סודות,
פֿאַר אַ מיידעלע איז גאָר א', מיט אַ מיידעלע
איז גוט צו טאַנצן,, פֿל. “איך קויף אַוועק די
—
,
דאָזיקע שטוב א, מיט אַלע דרײַ חדרים“, שע,
'ווען איך בין ראָטשילד,. *זײַן ניט א, = ניט

א, געזונט, ניט מיט אַלעמען, אַ ביסל קראַנק.
,,מײַן אשה איז נישט געווען א', נישט חלילה
קראַנק... נאָר אַזוי, נישט בקו־הבריאה,,, פּרץ,
'אין פּאָסטוואָגן,.
5. אין פוילן אַרומנעם. זען דאָס בילד א,.
,,אין אַ שערבל זעט מען נאָר די נאָז, אין אַ
שפּיגל זעט מען זיך א'", שוו. ,,אָט איז אַ באָרד,
אָט איז אַ פּנים, און אָט איז דער טאַטע א,,,,
ממוס, אַ גרויע האָר'. ,,ווען דו וואָלסט האָבן
,
פליגלען... וואָלסטו דאַמאָלסט די ערד געזען
א, און וואָלסט זען אַז זי איז קײַלעכדיק,,, י"ז
בן־אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.
6 פאַר אַן אַדי (פּאַרטיציפּ,
סובסטאַנטיווי.
רונג) ווײַזט אויף דער הויכער אָדער העכסטער
מדרגה פון אייגנשאַפט. א, נײַ פרעמד אאזוו.
,
זײַן א, געזונט. ווערן א, היימיש אין אַ נײַער
סביבה. ,,ער איז דאָ א, איבעריק". ,,די מדינה
איז דאָך א, פול מיט ליגן,,, נחב, ,מעשׂה
מבעלתּפילה,. ,,בײַ דער אַנדערער פאָרעם פון
טובערקולאָז האָט דער דאָקטער זיך געפילט א,
אוממעכטיק,, פגעז, פאַריז 4 1949, No. ,,איך בין

א אַן איבּערגעקערטער,,, אַלף כּץ, צוק, מײַ, יוני 1965. ,,בײַם עפֿענען די אַלטע פּעקלעך צרות... מכּות, נאָך א, ניט אויסגעהײלטע", ממוס, שלמה פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט אירע

. — —

נאָך נישט א, פֿאַרפֿלאָכטענע האָר,,, ספּ, סודות 7. מיט אַ ווערב — לחלוטין, אַבּסאָלוט, בּיזן סוף, אָן איבּערבּלײַבּ. אויפֿעסן א', ניט איבּערלאָזן אויף שפּעטער. עמעצן אויסהאָבּן א,.

מאַכן עמעצן א, אויסצודרייען = אויסלאַכן, דערנידעריקן, אָפּנאַרן. א, פּטור ווערן פֿון אַן אָנשיקעניש. ,,קומט פֿלוצלינג אויף אונדז אַ שלאַנג... און נעמט אײנעם פֿון אונדז און

שלינגט אים אײַן א'", איין שיינע מעה [צענטורע ווענטורע], זשיטאָמיר 1862. ,,אויף אַלע

אינגבּער

מלאָכות וואָס מע טוט אום שבּת איז מען אַנדערש ניט חייבֿ סײַדן אײנער טוט די מלאָכה א',,, איבּז תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818. "

לאָמיר... זיי גאָר א, אין דער ערד אַרײַנלייגן,,,
מס, משלי תּקע״ד, א, 12, ״גאָט נעמט בײַ איר
א, די פּיס אַוועק,,, ממוס, פּרק שירה. ,,הערטס
נאָר אויס א',,, טעיאַטאָר. ,,מע האָט צוגענומען,
אויסגעצאַפּט, אויסגעמאַנטאַטשעט... א, ביז דער
לעצטער פּרוטה״, שע, 'דאָס גרויסע געווינס'.
8. הייבט אַרויס נאָר איין גליד אין זאַץ.
,,דאָט איז א, ניט מײַן שולד,,. ,,אוי, ייִדן, ייִדן,
שולדיק א, זײַנען די חטאָים״. ,,מע האָט אים
אײַנגערעדט מיט א, אַן אָנגעשטעלטער זאַך״.
״טוט ער תּשובֿה... און ווידער [זינדיקן], איז
דאָך די טומאה א, בשעת זײַן תּשובֿה,,, פּוקח
עורים, שקלאָוו 1832, אות כּ. ,,די אָרעמע
בחורים צווישן זיי האָט ער גאָר א, אויף זיך
גענומען״, פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן. ,,דער
שלעכ
טער סוף... איז נאָר דערפֿון א, געקומען וואָס
עס איז געשען אין אײַלעניש״, ממוס, אַ
סגולה פֿון צאָלן זיי שׂכירות... איז דאָך
.... ,,
א, אָפּגערעדט״, ב. שעפּנער פּאָר, 1 1965 I.
,
9. עליפּטיש, דורכגעלאָזן: זעט אויס ווי,
פּונקט ווי. ,,מײַן מיידעלע איז א, די באָבע

מלכּהלע ע"ה,,.. ,,קוק איך אויף אים, אויף מײַן דודלען הײסט דאָס — א, ער, עליו השלום, אַפֿילו מיטן הוסט,,, שע, 'דאָס טעפֿל'. ,,די ישיבֿה... באַשטײט פֿון אײן גרויסן צימער, אויסגעשטעלט מיט טיש און בענק, א, װי אַ בית־מדרש", ממוס, שלמה. ,,אים גײט אין דעם אַז דער [געבראָטענער] האָז זאָל שטײן א, װי אַ לעבעדיקער,,, ייִז, אַלט־שטאָט'.

,

אין גאַנצן — טײל פֿון אַ פֿראַזע. א, ג, װאַלד.
,,א, ג, הויז זײַנען דאָ נאָר דרײַ צימערן". "א, ג, שמועס האָט מען ניט דערמאָנט...,,..
אינגבער — דער, ־ן. אויך: אינביר, אַרכ.
Mhd: in□eb□ □ imber. מין קרײַטעך.
געװיקס װאָס זײַן הײם איז דרום־מזרח אַזיע און װערט קולטיװירט אומעטום אין װאַרעמען קלימאַט. זײַנע פֿלײשעדיקע װאָרצלען האָבן אַ ספּעציפֿישן ריח און אַ טערפּק(ע)ן, האַרבלעכן טעם. א, איז פֿון די װיכטיקסטע געװירצן בײַם קאָכן און באַקן, בײַם גרײטן געטראַנקען. טװ פֿאַר 'קדה, (שמות, ל, 24), באר משה, באר התּורה. אין אב, □tב, ששי סינאָנים צו ' זאַנגביל, אין פֿאָלקס־מעדיצין — אַ רפֿואה צו מאָגנקראַנקײטן. ,,א, פֿײַכטע פֿון בוים, אַפֿילו

רויערהייט, אָדער טרוקענע, נאָר געפּרעגלטע, אָדער צעריבּענע מיט צוקער — איז אַלץ [די בּרכה] בּורא פּרי האדמה“, בּרכות מנחם [קעניגסבּערג תּרי„ח]. „בּײַם מאַכן חרוסת האָבּן מיר אַרײַנגעשאָטן אַ סך צימרינג און אַ בּיסעלע צעשטויסענעם א'„. „נים אינגבּר און, שיל דשׂ אויישרשע דר פּן“, כּ“י 'ספּר הרפואות', 1474 [דווקא, No 17]. „און, די אַנדרי האָט גהייסן (קציעה), לשון אינגבּר, דען איר גישמק איז זיס און, גוט גיוועזן אַז איין אינגבּר„, סהמ, איובֿ, מב, 14. „,... לוי ן אין דער דינסטס שליחות נאָך פּעפּער, א, מ ט צימערינג צום

אינגבּערל

קוגל„, ממוס, קליינמענשעלע. „אַ קליינע א־ג ע ל ע זון פּאַרטײַעט הענגט אין רוים“, הר, פּאַרנאַכט.
א'־ג ע בּ ע ק ס; א'־פּ ל ע צ ל; א'־ק ו כ ן; א'־ק י כ ל. א'־בּ י ר; א'־וו אַ ס ע ר; א'־וו ײַ ן; א'־ל י ק ע ר. ingibe o iCinale ־ אינגבּערל — דאָס, ־עך. קיכל, פּלעצל, וואָס איז צוגעפּראַוועט מיט אינגבּער. א'עך מיט

האָניק. אַ פֿירקאַנטיק א'. „אויף א'עך מיט מעל מאַכט מען אַ בּרכה בּ״מ [בּורא מיני] מזונות„, בּרכות מנחס [קעניגסבּערג תּרי„ח]. „א'עך פֿאַרקויפֿט מען נעבּן דער תּלמוד־תּוֹרה צו גראָשן אַ שטיקל“, אַר, □ דאָס בּענטשערל„.

אין גוזרין גזירה על הציבּור — [איין גויזרין גזיירע אַל האָציבּור] זאַץ. תּח. <בּבֿא קמא, עט/ב, אאַ. 'מען איז ניט גוֹזר (מע גיט ניט אַרויס) קיין גזירה (נײַע האַרבּע תּקנה) אויפֿן ציבּור, (כּלל, אויפֿן קהל). [צווייטע העלפֿט: 'אלא אם כּן רובֿ הציבּור יכולין לעמוד בּה, — סײַדן דאָס רובֿ פֿון קהל קען עס דורכפֿירן אין לעבּן, קען זיך צופּאַסן צו אים], ד„ה אַ געזעץ, אַ תּקנה, אַ בּאַפֿעל האָבּן אַ זינען ווען מע קען זיי דורכפֿירן; מע דאַרף זיך רעכענען מיט די מעגלעכקייטן דורכצוזעצו אין לעבּן נײַע געזעצן אָדער דעקרעטן. „אין דער צײַט פֿון פֿאַרווערן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען האָבּן זיך פֿאַרמערט פֿאַרבּרעכנס, האָט מען אָפּגעשאַפֿט דאָס געזעץ, ווײַל א, ג, ג'...“.

אץ גוטן — אַדוו. מיט גוטן. אין גוטן מוט, בּשלום. אָן אַקעגנשטעלן זיך. „אַ מאַן איז איינס, אַ פֿרוי קען זײַן נול, צוזאַמען א, ג, זײַנען זיי צען„, ווערטל. „זי עז אין דער גוטי העטן

קענן פֿר גלײַכן [= מאַכן אַ פּשרה]„, ווינץ, 30.
„וועלין מיר די יסורים אויך א, ג, אויף נעמן„,
בראַנט, פּרק ט. „דער קעניג האָט גערופֿן
אסתּרן און האָט איר געזאָגט א, ג'„, חתן־המלך,
פּשעמישל תּר״ע. „כ'קאָן דאָך נישט גלייבן אַז
די מחותּנים וועלן אַזוי גאָר א, ג, באַשטיין
אויף מײַן פּירעכץ“, י. האַלפּערן, שיינדעלע,
וואַרשע 1913. אויך: א, ג, מוט — „
טרייסלען בשעת מעשׂה מיט אַ פּאָלע, נישט צו
מיינען דערבײַ חלילה עמעצן צו באַליידיקן. נאָר
גלאַט אַזוי א, ג, מ„, שע.

אינגו'ש — דער, ־ן. וונ ־קע, ־ס.
צוגעהעריקער צום קאַווקאַזער שבֿט טשערקעסן. [אין
צאַרישן רוסלאַנד זײַנען געווען ספּעציעלע
מיליטערישע אָפּטיילונגען פֿון א'ן, וואָס האָבן
זיך אויסגעצייכנט □.ט זייער אַכזריות בײַם
אונטערדריקן אויפֿשטאַנדן.] „אין אַלע אַרומיקע
דערפֿער זײַנען צעשטעלט געוואָרן צו צוויי
ראָטעס א'ן“, בערג, בײַס דניעפּער II.

אינגיכן — אַדוו. אין אַ קורצער צײַט אַרום.
מיט אַ קורצן (הגם אומבאַשטימטן) אָפּשניט
פֿון צײַט צווישן דעם וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט
און דעם וואָס וועט געשען. „זיי וועלן א,
חתונה האָבן„. „מיר ריכטן זיך אויף אַ ברית

אָדער אַ מזל־טובֿ טאַקע גאָר א',,. ,,עס זאָל
זײַן דײַן ווילן פֿון פֿאַר דיר, גאָט אין הימל,
אַז דו זאָלסט ווידער אויפֿריכטן דײַן שטאָט ...

12'□

א',,, ממוס, ,צוריק אַהיים'. ,,מײַן נאַכט
פֿאַרגייט, אין קבֿר פֿאַרקריכן די מתים א, און
נעמען מיך מיט“, צײַט, 'שאָטנס אויפֿן שניי'.
,,וואו עס געפֿינט זיך דער בית־עולם פֿון שטאָט,
אָט דאָרטן איז מײַן אָרט גאָר אינגיכסטן“,
ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
אין גיכן — פֿראַזע. פֿאַרשוויצט ווערן א, ג,
לויפֿן. א, ג, גאַנג פֿון די געשעענישן.
אינגל — ← ייִנגל.
אינגלו־ווײַן — דער. סטוטש. אַ מיטל צום
בּרעכן.
אין גלײַכן געלט — אַדוו פֿראַזע. מיט אַ
פּרײַז וואָס איז ניט צו הויך און ניט צו נידעריק.
אַזוי ווי עס איז טאַקע ווערט. קויפֿן סחורה
א, ג, ג'. ,,דאָרטן איז דאָ חפֿצים וויפֿל אין קאָפּ
האָר, וואָס מע קריגט זיי גאָר א, ג, ג',,, ייִל,
וועלט לוח, אַדעס תּרמ,,ג.
אין גם אהד — [איין גאַם ע□כאָד] זאַץ. תּח.

>תּהלים, יד, 3. ['קיינער טוט ניט קיין
גוטס'.] 'ניט צומאָל איינער', תּי. געניצט מיט
בּב: 1. ניטאָ איינער (קיינער) אַ רעכטער, ניטאָ
קיין איין אָנשטענדיקער מענטש. „די דאָזאָרעס,
קהלשע קליאַמקעס, אַ בּאַנדע גנבֿים, א, ג, א,,,.
„א, ג, א, זאָל גיין אין תּפֿילין רעכטיק ווי דער
דין,,, שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבּערג
1893. 2. קיינער איז ניט געבּליבּן. „די
נאַציס האָבּן אויסגעהרגעט די ייִדן פֿון מײַן
שטעטל, א, ג, א',,. „נאָך אַ לעוואַנדע... א, ג, א,
ווער עס זאָל קענען ממלא מקומו זײַן,,, ייִפֿאָל,
1888, No 13-14.

אין געבּײַ בּרענגען — צגז טרוו. אַרכ.
אָרגאַניזירן, אויספֿורעמען, אַרײַנבּרענגען אַן
אָרדענונג. „דיזי ריד פֿון דען גרושן מאַן [ר, אלי,
בּחור] דער דאש לשון הקודש האָט... אין גבּײַא
געבּראַכט דורך זײַני ספֿרים,,.

אין געהיי'ם — אַדוו. בּסוד, געהיימערהייט.
אָפּמאַכן עפּעס א, ג'. ״האָבּן אָנגעגורט זייערע
לענדן און זײַנען אַרויס פֿריִער א, ג, און
דערנאָך אין אַן עפֿנטלעכער מלחמה,,, יוסף
מאַרגאָשעס, עראינערונגען פֿון מײַן לעבּען.

אין געוואַלד — אַדוו. אַרכ. אין רשות פֿון,
אונטער דער ממשלה פֿון. „די קינדר די קומן

די זײַן אין גוואלט לילית און, אירי דינר,,,
בּראַנט, פּרק לג.

אי'נגעווייד — די, מצ. Mhd: in־□e□ei(1o.

1. די אָרגאַנען אין חלל פֿון בּויך [ניט דזוו
געדערים] קישקעס, לעבּער, נירן אאַ. טָן פֿאַר
'הקרבֿ, (ויקרא ח, 21 אאַ). "איך וויל לובּן
מיט מײַנם לײַבּ גוט, אַל מײַני אין גיווייד זײַן
הייליגן נאמן,,, בּראַנט, פֿרק י. ,,(בּני מעיים)
אונד אינגעווייט", הבּחור חנוך בּר, צ□י הירש
סג"ל איבּז, אגרת בּעלי־חיים, הענא 1718. ,,אַלי
אינגוואנט און, גידאַנקן [קרבֿ וכליות] זיי זינגן
צו דײַנם נאמן,,, בּרכת המזון (הגדה של פּסח),
אַמשט 1723, סב/א. ,,אַלשׂ עשׂ קאַם דשׂ בּרוט
אין אירי אין גיווייד דא שטארבּן זיא פֿון שטונד
אַן,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661. ,,געלאָפֿן דורך די

אין גרונט

גאַסן מיט אַ פֿײַער אין מײַנע א'", יהואָש,
,שטומע ווייען'. א,־וו אָ ר ע ם.
אויך דאָס & דער, ־ן. ,,שטרעקט מײַן פֿרײַנד
די האַנט צו מיר, בּרומט צו אים מײַן א,,,, פּרץ,
פֿינף מגילות. "ס'בּראָט אים דאָס א,
אויפֿצושטורמען, אויפֿצורודערן אַלעמען,,, בּרוך

האַגער, מלכות חסידות. „ר, פּנחסעס א, האָט
געוויינט אין די נעכט“, יחיאל לערער, מײַן היים.
[□ טמ: אינגעוואַנט <אין פּלוס געוואַנט].
2. פּיג. בּכלל דאָס אינעווייניקסטע, דאָס
פֿאַרבאָרגענע. צעבּויערן די א'ן פֿון דער ערד.

□

דער א, פֿונעם טורעם. “איך זוך תּמיד
אָנווײַזונגען רק אינעם א, פֿון דער שפּראַך גופֿא□, נפּ,
ייִפֿאַ, 1938, 8. „אַ ווילדער ווייגעשריי פֿון
פֿעלדזן־א'ן,„ יהואָש, 'בּאַרג־געוויטער'. „ער
ווײַזט אים דעם א, פֿון מאָטאָר,„ ייִז,..
קאַרנאָווסקי. „,... אַ קערן וואָס טראָגט אין זײַנע
א'ן אַ בּאַשטימטע שליחות“, סוצ, פֿעסטונג.
„גראָבּ־טראַקטאָרן רײַסן אַרויס די סודות □ון
די בּערג־וויסטענישן, אַנטפּלעקן דאָס א,
זייערס„, אפֿא, טמז, 1964 □י 18.
אין געמיי'ן — אַדוו. אַרכ. בּדרך־כּלל. אין
אַלגעמיין. „איך מיין ניט גנץ פּולין, נייארט
אין גמיין די פּאָלקין דיא אין אַשכּנז זײַן“,
אַשכּנז.
אינגעצאַטע — די. בּא. לאָקל, רומעניע.: □ □ .

helaıIa ‎.in געפֿרוירנס, איַזקרעם,
מאָראָזשענע.
אינגער, אינגסטער — ← ייִנגער, ייִנגסטער.
אינגערע'נץ — די, ־ן. <איי <ל.
אַרײַנמישונג, באַווירקונג (קעגן ווילן פֿון באַווירקטן).
א, אין אַ סכסוך כּדי צו בּרענגען צו אַן
אויסגלײַך. זיך נייטיקן אין אַ כירורגישער א'. „דער

קראַנקער פֿאַרטיידיקט זיך אָבּער שטאַרק פֿאַר
א, אין זײַן נשמה„, פֿגעז, ווילנע 4 1938, No.
„איבּריקנס וואָלט שוין צו שפּעט געווען
פֿאָרצונעמען די כירורגישע א', וואָס האָט זיך
געחלומט דער נײַ־יאָרקער גרופּע פֿילאָלאָגן“, נפּ,
ייִפֿאַ, 2 ,1938.
אין געשווי'נד — אַדוו. פּד, אוקר. דזוו
געשווינד. „גיבּ נאָר אַ גיי אַרײַן א, ג, צו דער
מומען„, יחיאל לערער, מײַן היים.
אין גרויסן — אין די אויסדרוקן: ז ײַ ן בּײַ
זיך א, ג', ש ט ייִ ן א, גרויסן = זיך האַלטן
זייער גרויס. „ער פֿאַרדינט אַ בּיסל, שטייט ער
שוין א, ג'„. ג ייִ ן א, ג, = זיך רײַסן צו אַ
העכערער סאָציאַלער מדרגה. „דאָס פּשוטע

פֿאָלק האָט זיך ניט געריסן צו ג, א, ג', האָט
ניט געזוכט זיך כּלומרשט אויסצוגלײַכן מיט
די ליאַכעס,,, בּנימין רעסלער, טמז, 17 ▯ 1968 III.
.זײַן א, ג, טיש = (אין אַ צאָל ישיבֿות אין
ליטע) זיך צוהערן, זיך בּאַטייליקן, ווען דער
ראָש־ישיבֿה לערנט אַ שיעור.
אין גרונט — אַדוו. דזוו אין תּוך. בּעצם.
,,א, ג, איז ער ניט קיין שלעכטער, נאָר אַ
בּרוגזער אויף דער וועלט“. ,,א, ג, איז ער אין
זײַנע געשעפֿטן מער בּר־מזל ווי אויפֿטוער,,.
,,ער שפּעקולירט א, ג, אויף צו טרעפֿן אַ
געוויסן ניואַנס,,, נאַד, טינט און פֿעדער, נ,,י 1936.

אינגרעדיִענט

,,די ערשטע אייפֿערזוכט... א, ג, איז עס אַ
בּאַדערפֿעניש צו זײַן געליבּט,,, גרינ, מענטשן
און ווערטן. א, ג, ג ע נ ו מ ע ן — פּראַזע.
,,א, ג, ג, זײַנען מיר בּיידע מסכּים,,. ,,א, ג, ג,
אָבער זענען אַלע גלײַך... אַלע האָכּן זיי
פֿליי אין דער נאָז,,, ממוס, 'ד אַלטע מעשׂה!
י

אינגרעדיִענט — דער, ־ן. <איי <ל. פּפֿ:

אינגרידיענט, אַמ. באַשטאַנדטייל,
קאָמפּאָנענט. צומיש, צוזאַץ. א, פֿון אַ מאכל פֿון אַ
,
פּונש. ,,גוטע פּראָזע האָט ריטעם פּונקט ווי
פּאָעזיע. [דער ריטעם] באַלייט דאָס שרײַבן אַלס
אָרגאַנישער א'‚,, נפּ, ייִפּאַ, 1938, 3.
אינגרעסאָ — דער, ־ס. שפּאַ. אָרײַנטריט.
געניצט מיט בבֿ: ערשטער אײַנצאָל; ערשטער
עקזאַמען. ,,מע מוז אײַנצאָלן אין באַנק אַ
הונדערטער א,“, רייד (בֿ,,א). “ער האָט געגעבן א,
אין גימנאַזיע“, רייד (בֿ,,א).
אינד — דער, ־ן. וונ די א י נ ד & ־ין, ־ס. אַרכ
און פּפֿ: הינד. Mhd: bi‎ת(1e [מיטן בֿ די זי
פֿון אַ הירש]. [פֿון דעם דער נאָמען ה י נ ד ע].
מין הירש פֿון דער פֿאַרצווײַגטער הירשן־
פֿאַמיליע. האָט געשפּאָלטענע טלאָען און איז
מעלהגירה, בכן כשר. לעבט אויף בערג אין
פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער וועלט. איז גראַציעז
און פֿלינק. דאָס וואָרט ווערט ניט געניצט אין
געוויינלעכער ריידשפּראַך, נאָר ווי אַן
אַרכאַאיזירנדיקער סטיל־מיטל. טוו פֿאַרן וואָרט 'אַיל'.
אַזוי סהמ, ירמיה, יד, 5 אאַ. “וו אַ הינד לעכצט
י
נאָך בעכן וואַסער“, תּי, תּהלים, מב, 2. ,,וו אַ

י

הינד שמאַכט...,,, נפֿתּלי גראָס תּהלים. ״זײַן קנעבט די לופֿן אויז דעם זאַל גישווינד ווען די

הינדן״, בּ א־בּוך, 622. ,,... מיט דיא אינדין פֿון דעם פֿעלד, היינו מיט גאָטס אַהבֿה וואָס איז חשובֿ בּײַא דיא מענטשין,,, stיח ספֿונים, לעמבּערג 1741. ,,אַ קלאָר רינענדיק וועסערל וואו א'ן טוען צעבּרעכן זייער דאָרשט״, ממוס, פֿישקע. ,,אַנטלויף, מײַן געליבּטער!... און זײַ געגליכן צו אַ הירש אָדער צו אַן א, אויף די בּשׂמים־בּערג״, שע, 'שיר־השירים'. ,,אַרויסרופֿן װעט פֿון דער װעלטס לאַבּירינט דער שופֿר מטטרונס אַ הימלישן א, און דער א, װעט מיט ריקוד־פֿיס שנעלע צעטרעטן די שלאַנג״, צײַט, מטטרון פֿפֿ: גיך, געשווינד פֿלינק וו אַן א'.

. , י

לויפֿן, שפּרינגען ווי אַן א,. לעכצן נאָך וואַסער ווי אַן א'.

אינד — די, ־ן. Mhd:וn(le . כוואַליע, ספּעצ, שטאַרקע, הויכע כוואַליע. טוו פֿאַר 'גל', 'גלים,. ,,מיט דען בּרומונג פֿון זײַני א'ן איז בּבֿל צו גידעקט גיווארן״, סהמ, ירמיה, נא, 42 פֿון

״ .

זײַנע פֿיל א'ן איז זי פֿאַרדעקט געוואָרן״, תּי,

דאָרטן. “... אַזוי ווי דאָס בּרומונג פֿון דעם ים,
וואָס זײַנע א'ן בּרומען ['ויהמו גליו'],,, ישעיה,
פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג 1877. יהואָש
פֿאַרטײַטשט 'משבּריך וגליך, (יונה, ב, 4):
”דײַנע וועלן און א'ן“. “תּאין — זי קומן אונ,
זאַמלין זיך איַן אַז אינדין דאז מער,,, 'טײַטש
פֿון אַקדמות, פֿירט 1694 [פֿש III]. ,,דא קומט
,
אַן א, פֿון דעם ים און פֿאַרפֿלייצט דאָס נעסט“,
צור, תּצוה. ,,אַלע א'ן דשׂ מער שטאַרקן מיט

1276

קראַפֿט דײַן נאָמן,,, תּחנות ובֿקשות, ווילנע
1858 [איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798], ג/ב.
,,די א'ן פֿון דעם ים גייען אויף מיט שטורעם
און רוגזה“, קה. [אין די שטעטלעך בּײַם
בּאַלטישן ים איז צווישן ייִדישע פֿרויען געווען
פֿאַרשפּרייט אַן אײַנגלייבּעכץ אַז דאָס בּאָדן
זיך אין ים איז אַ סגולה צו קינדלען. עקרות
האָבּן דערבּײַ נאָך געזאָגט אַ שפּרוך: ,,אינדעלע,
אינדעלע, גיבּ מיר אַ קינדעלע“.]
אינדאָ־אייראָפּע איש — אַדי. וואָס איז
שייך צו (איז שותּפֿותדיק פֿאַר) דער גאַנצער

גרופּע שפּראַכן און פֿעלקער פֿון אינדיע, פּערסיע און גאַנץ אייראָפּע. די א'־א'ע ר אַ ס ע , די אַריער. די א'־א'ע ש פּ ר אַ כ ן [אינדישע, איראַנישע, אַ צאָל קאַווקאַזער, באַלטישע, סלאַווישע לשונות, גריכיש, לאַטײַן, קעלטיש, גערמאַנישע שפּראַכן אאַ]. די א'־א'ע אורשפּראַך. א'־א'איסט.

א'־א'ער, ־ערין — „איז ווייס ניט צו וואָסער פֿאָלק ער געהערט, אָבער ער איז זיכער אַן א'־א'ער“.

א'־איראַניש — וואָס געהערט, איז שייך צו ביידע פֿאַמיליעס פֿון אינדאָ־אייראָפּעאיש, צו אינדיש און איראַניש.

א'—גערמאַניש — דזוו אינדאָ־אייראָפּעאיש. נר. „א'־ג, האָט געהאַט אַלע דרײַ גראַמאַטישע מינים„, נפּ, ייִפּאַ, 2 ,1938.

אינדאָלאָגיע — די. באַ. וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט די שפּראַכן (ספּעצ סאַנסקריט) פֿון אינדיע, ווי אויך איר געשיכטע און קולטור בכלל.

אינדאָ לע'נט — אַדי. <איי <ל. 1. גלײַכגילטיק, אָפּגעלאָזן, פֿויל, אומלײַדנשאַפֿטלעך. אַן א'ע באַציאונג. 2. (מעדיצין) וואָס פֿאַרשאַפֿט ניט קיין ווייטיק. א'ע געשווירן. ־לע'נץ — די. באַ.

אין דאַמי'ר — אַרויסרייד פֿון: אין דער
מיר ←. „מײַן זון איז דאָך א, ד, פֿון די
בעסטע בחורים„, חג, טמז, 17 1965 XII.
אינדאָנעז יע — גג. מאַלאַאישער
אַרכיפּעלאַג. גרעסטער אַרכיפּעלאַג אויפֿן ערדקײַלעך,
אין דרום־מזרח אַזיע. נעמט אַרום קרובֿ צו
3,000 אינדזלען מיט אַן אַלגעמיינעם שטח פֿון
1'904,345 קוו, קמ'. די גרעסטע אינדזלען: יאַוואַ,
סומאַטראַ, באָרנעאָ, צעלעבעס. ביז דער
צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ האָלענדישע
קאָלאָניע. זינט 1950 אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק
מיט דער הויפּטשטאָט יאַקאַרטאַ. ־יש —
אַדי. 1. וואָס האָט אַ שײַכות צו אינדאָנעזיע.
א'ע אינדזלען. 2. שפּראַך פֿון די באַוואוינערס
פֿון אינדאָנעזיע פֿאַראַן אַן ערך 200 א'ישע
.
לשונות. ־ער — באַוואוינער פֿון
אינדאָנעזיע. געמיש פֿון אַ גרעסערער צאָל
פֿעלקערשאַפֿטן און שבֿטים [1966 — 108 מיליאָן
אײַנוו'].
אינדאָס ירן — טרוו. ־סיר, אינדאָסירט. <איי
>איט. 'אויף דעם רוקן'. 1. אַוועקשטעלן
חתימה אויף דער צווייטער זײַט פֿון
התחײַבֿות־צעטל (וועקסל, טשעק אע) און דערמיט

גאַראַנטירן פֿאַר דער פֿאַרפֿליכטונג וואָס איז

- --

אין דוחין נפש מפּני נפש

אָנגעגעבן אין דעם דאָקומענט. ,,... ער האָט אים
פֿר געזן צו אינדוסירן, איך שיק אַלזו דען ח"כ
[חילוף־כּתבֿ] צוריק,,, יוסף מאַרשן, חנוך לנער,
פֿיורדא 1774. 2. בּכלל אונטערשרײַבן,
שטיצן מיטן געבן דעם נאָמען, די אונטערשריפֿט.
א, א פֿעטיציע פֿרגל אינדאָרסירן ־ונג.

— . .

־ירער. ־אַמע'נט — דאָס אינדאָסירן.
־אַנט — ווער עס אינדאָסירט.
אינדאָפֿענאָ'ל — דער, ־ן. איינס פֿון אַ
סעריע סינטעטישע פֿאַרבשטאָפֿן פֿון בלויען
קאָליר, ענלעך צו אינדיגאָ (←). ווערט געניצט
צו פֿאַרבן שטאָפֿן פֿון וואָל און פֿון בּאַוול.
אינדאָקטרינירן — טרוו. ־ניר, א
נדאָקטרינירט. <איי <ל. אײַנלערנען, אײַנקנעלן
(עפּעס מיט עמעצן) און משפּיע זײַן אַז יענער
זאָל איבערנעמען אַ שיטה, אַ דאָקטרין, אַ
גלויבן, אַן אײַנשטעל. זיך (ניט) לאָזן א'. ,,אין
אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים ווערט אין די שולן

מער אינדאָקטרינירט ווי געלערנט“. ־ונג.
־ער.

אינדאָרס□ירן — טרוו. ־סיר, אינדאָרסירט.
<איי <ל. פּפֿ: אינדאָרסן, אַמ o□:□>
1□ .en(1orse. דזוו אינדאָסירן, ←. .2
שטיצן עמעצן אָדער עפּעס מאָראַליש. א, אַ
קאַנדידאַט. א, די געלט־קאַמפּאַניע —אַנט ־אַציע.
. .
־ירונג. ־ירער. ־מענט, אַמ. ־ער.

-

אין דבֿר — [איין דאַוואַ'ר] זאַץ. <עברית
<בּמדבּר, כ, 19. 'ס'איז דאָך גאָרניט', תּי.
פּאָפּולערער אויסדרוק אין א״ידיקן ייִדיש.
געניצט מיט בּבֿ: 1. ס'איז אַ קלייניקייט, עס
לוינט ניט צו רעדן דערפֿון. „דו האָסט מיר
געטאָן אַ טובֿה, אַ דאַנק דיר! — א, ד'1“.
2. עס מאַכט ניט אויס, עס איז ניט וויכטיק.
„דער חתן האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך? א, ד'!
עס דרייען זיך אַרום מײַן טאָכטער גענוג
בּחורים“.
אין דבֿר העומד בּפֿני הרצון — [...

דאָוואָר האָאוימעד בּי▯ ניי האָראָצן] זאַץ. אויך:
אין לך... צבּ. >? תּח. ניטאָ קיין זאַך
וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם ווילן.
געניצט מיטן בּ: מיטן כּוח פֿון ווילן קען מען
גובֿר זײַן אַלע שטערונגען, שטרויכלונגען,
מכשולים. „עס ווענדט זיך אַלץ אין ווילן פֿון
מענטשן, אין זײַן בּחירה, אין זײַן רצון א,
ד'...“, ש. ז. שרגאי, טמז, 30 1967 ▯I. [ווענן
דעם ווילנער גאָון דערציילט מען: מע האָט אים
געפֿרעגט: ווי קען מען ווערן אַ ווילנער גאָון,
זאָל ער האָבּן געענטפֿערט: „וויל נאָר!“.]
... הרצון העליון — [... האָעליען]
דעם אייבּערשטנס ווילן. „ס'איז שווער מודה
צו זײַן אַז מ'איז בּאַנקראָט. אָבּער דער רצון
העליון איז פֿאָרט דער אייבּערשטער ווילן,
און א, ד, ה, בּ, ה'„ ציטירט לויט הרבֿ י. ד.
סאָלאָווייטשיק, טמז, 8 1965 X.
אין דוהין נפֿש מפּני נפֿש — [... דויכין
נעפֿעש מיפּניי...] זאָץ. תּח. >אהלות, ז, ו.
'מע שטויסט ניט אַוועק (מען איז ניט מקריבֿ)
איין לעבּן פֿאַר אַן אַנדער לעבּן', ד"ה אויך:
מע טאָר ניט בּאַשטימען, אַז דאָס לעבּן פֿון

אין דוהקין את הקץ

איין מענטשן (אַפּילו פֿון אַ חשובֿערן) איז בילכער ווי דאָס לעבן פֿון אַן אַנדער מענטשן (אַפּילו פֿון אַ ווייניקער חשובֿן) [אין יאָרן פֿון גזירות און רדיפֿות איז דער מאָראַלישער פּרינ.. ציפּ אויסגעברייטערט געוואָרן: מע טאָר ניט מקריבֿ זײַן אַ יחיד כּדי צו ראַטעווען אַ גאַנצע עדה. אויב מע האָט גוזר געווען מע זאָל אַרויסגעבן איין ייִד צו דערהרגענען, אַניט וועט מען אומברענגען די גאַנצע עדה, טאָר מען דעם איינעם ניט אַרויסגעבן, ווײַל א, ד, נ'...].

אין דוהקין את הקץ — [... דוי'כאַק(י)ן עס האַקען] זאַץ. תּח. <לויט רש״י, כּתובות, קיא/א: לישנא אחרינא, שלא ידחקו את הקץ. שיר השירים רבּה, ב, יח: שלא ידחקו על הקץ. 'מע צווינגט ניט אַרויף (מען אײַלט ניט אונטער) דעם סוף'. [ווערליג אַ פֿאָלקס־גלויבן — באַזירט אויף 'בּעתּה אחישנה', ישעיה, ס, 22 — וועט אין אַ באַשטימטער צײַט קומען די גאולה. אַלע פּרווון זי צו דערנענטערן וועלן זיך ניט אײַנגעבן, סײַדן ייִדן וועלן ווערט זײַן — וועט דער רבּונו־של־עולם פֿאַרשנעלערן דעם קץ.] געניצט מיט בּבֿ: א) ווי לכתּחילה. „פֿרומע ייִדן זײַנען געווען קעגן הערצל־פּלאַן אויפֿן גרונט פֿון א,

ד, א, ה'״, טמז, 1966 □יִ7 I; בּ) כּדי
אויפֿצומונטערן צו האָבֿן מער אויסדויער, מער געדולד.
„דו ווילסט זיך אויסלערנען כּל התּורה כּולה
על רגל אַחת? א, ד, א, ה'״. „וואָס איז די
יאָגעניש? זיצט אונטער נאָך אַ בּיסל, א, ד, א, ה'„.
אינדולגע'נץ — די, ־ן. <איי <ל.
פֿאַרגעבּונג, בּאַגנעדיקונג. דזוו אַבּסאָלוציע (←, 12).
מחילה אויף בּאַגאַנגענע זינד מצד אַ קירכלעכער
אינסטאַנץ. קריגן, בּאַקומען א'. געבֿן א'.
אינדולגענציע — די, ־ס. 1. דאָקומענט
פֿאַר אויסקויפֿגעלט, אַרויסגעגעבֿן פֿון פּויפּס(ט)
אַז דער קויפֿער קריגט אינדולגענץ פֿאַר
בּאַגאַנגענע (און אַפֿילו פֿאַר צוקונפֿטיקע) זינד. [
געוואָרן אָפּגעשאַפֿט אין דער מאָדערנער צײַט.]
„אָרעמעלײַט האָבֿן ניט זעלטן פֿאַרקויפֿט דאָס
לעצטע וואָס זיי האָבֿן פֿאַרמאָגט כּדי זיך
אײַנצושאַפֿן אַן א„„ גרינ, איד און וועלט. 2. דזוו
אינדולגענץ. „דער רבֿ האָט... אָנגעהויבֿן
נאָכזוכן צי ס'איז פֿאַראַן בּײַ יידן א'„, קמ, 1868,
.No 17
אינדולי'ן — דער. בּא. בּלויער און
וויאָלעטער פֿאַרבּשטאָף וואָס מע בּאַקומט כעמיש פֿון
אַנילין, ←. ווערט גענוצט בּיים פֿאַרבֿן
טעקסטילן און אין דער פֿאַבּריקאַציע פֿון

קאָלירנדיקע טינטן.
אינדוסטריאַ'ל — אַדי. דזוו אינדוסטריע'ל,
..
אינדוסטריאַ'ל — דער, ־ן. שפּאַ.
רעקאָמענדירט פֿאַר דער כלל־שפּראַך. אינדוסטר אַליסט,
— ,
אינדוסטריעלער. האָלך־א'.
אינדוסטר אַליזאַציע — די, ־ס. פּראָצעס
,
פֿון אינדוסטריאַליזירן, ←. איבערבײַט,
איבערגאַנג פֿון (פּרימיטיווער) האַנטאַרבעט אויף אַ
פּראָדוקציע מיט דער הילף פֿון מאַשינען. „די
עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דעם מיטלקלאַס איז
געוואָרן בעסער אַדאַנק דער פֿאַרשפּעטיקטער
...

1277

רוסישער א'„, מוק, מײַנע באַגעגענישן II. „וועט
די ייִדיש־קאָמוניסטישע פּאָליטיק זיך אַ נעם
טאָן פֿאַר 'א'', וועט זיך די ייִדישע
ליטעראַטור מוזן אינדוסטריאַליזירן“, שנ, לעזער,
דיכטעך, קריטיקער I.
אינדוסטריאַליזירן — טרוו. ־זיר,

אינדוסטר אַליזירט. אײַנפֿירן (אין אַ לאַנד, געגנט,
׳
שטאָט) אינדוסטריאַליזאַציע. פֿאַרשטאַרקן,
אַנטוויקלען אינדוסטריע. מאַכן אַז האַנטווערק זאָל
ווערן פֿאַרביטן דורך אַרבעט מיט מאַשינען. א,
אַן אַגראַר־לאַנד. א, די נײַע אָפּצווײַגן פֿון דער
ווירטשאַפֿט. מיט ז י ך ־ונג.
—
.
אינדוסטריאַל יזם — דער. בא. 1. סכום
עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע
פּראָבלעמען וואָס קומען אויף ווי אַ פּועל־יוצא פֿון
אינדוסטריאַליזאַציע. 2. שיטה וואָס לויט איר
דאַרף די אינדוסטר אַליזאַציע זײַן דער (עיקר־)
׳
ציל פֿאַר דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג.
,,אין דעם לאַנד וואו מלחמות און רעוואָלוציעס
האָבן חרובֿ געמאַכט דאָס ביסל פֿאַבריקן, איז
דער אידעאַל — א,,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. ־יסט — דער, ־ן. ונ ־ין, ־ס. 1.
אָנהענגער פֿון אינדוסטריאַליזם ווי אַ שיטה.
2. אינדוסטר אַל, אינדוסטריעלער. ווער עס
באַי
טייליקט זיך אַקטיוו אין אינדוסטריע ווי אָן
אָנ ירער, אַן אונטערנעמער.

אינדוסטריע — די, ־ס. <איי <ל. 'פֿלײַס',
,בריהשאַפֿט', 'געשיקטע אַקטיוויטעט'. 1. סכום
פֿון אַלע רעזולטאַטן פֿון דעם מענטשנס מי און
אײַנפֿאַל בײַם אַרויסבאַקומען פֿון רוישטאָפֿן
דאָס וואָס ס'איז נייטיק דעם מענטשן פֿאַר זײַן
מאַטעריעלער עקסיסטענץ און וואוילשטאַנד.
2. ספּעצ, פּראָדוקציע מיט דער הילף פֿון
מאַשינען (להיפּוך צו פּרימיטיווער האַנטאַרבעט,
האַנט־מלאָכה). ל ײַ כ ט ע א, — מאַסן־
פּראָדוקציע פֿון אַרטיקלען און פּראָדוקטן מיט דער
הילף פֿון קלענערע מאַשינען. ש ו ו ע ר ע א,
— מעטאַל־גיסערײַ, פּראָדוקציע פֿון אַמוניציע,
אויטאָס, וואַגאָנען אע. ק ל יִ ן־א'. ג ר ו י
סא'. „ווען די מיליאָנען פֿעלדאַרבעטער וועלן ניט
קריגן קיין אַנדער א, מיט וואָס זיך צו
באַשעפֿטיקן...„, ב ײַגענבוים, דיא גאולה נ„י
.
1893. „די מעכטיקע שטאָל־א', כעמיקאַליען־,
פּאַפּיר־, טעקסטיל־ אאַ א'ס וואָס שטעלן זיך
אַלע קעגן דער פֿאָדערונג... אַז די טײַכן...
זאָלן ניט פֿאַרשמוצט ווערן„, וואָלף יונין, טמז,
10 X 1965. אײַזן־א', בוי־א', גלאָז־א', געהילץ־א,
אאַזוו. א'־ג ע ו ו י ק ס ן — ווערן קולטיווירט
צוליבן רוישטאָף וואָס מע באַקומט אַרויס פֿון

זיי פֿאַר פֿאַרשיידענע א'ס. פֿאַר טעקסטיל־א':
באַוול פֿלאַקס, קאָנאָפּלעס אאַ פֿאַר שפּײַז־א':

,

צוקער־בוריקעס, אייל־געוויקסן, טיי, קאַווע
אדגל.

אינדוסטריעל — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו (האָט צו טאָן מיט) אינדוסטריע. א, ל אַ נ ד
מיט אַ גוט אַנטוויקלטער מעטאַלורגיע. א'ער

-

ק ל אַ ס פֿון מיליאָנען אַרבעטער אין פֿאַבריקן
און זאַוואָדן. א'ע אַכשול. א'ע אונטערנעמערס.

א'ע פֿונקציעס.

אינדוקציע

א'ע ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע — סכום
עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שינויים און
אויפֿטרייסלונגען ווי אַ רעזולטאַט פֿון פֿאַרבײַטן
האַנטמלאָכה מיט מאַשין־אַרבעט און דערגרייכן אַ
מאַסן־פּראָדוקציע פֿון סחורות און אַרטיקלען.

די א'ע ר, אין ענגלאַנד פֿון 18. י''ה.

אויטאָמאַ

□

ציע (← 140) פֿירט צו אַ נײַער א'ער
רעוואָלוציע.
־ער — אינדוסטריאַל. באַזיצער פֿון אַ
פֿאַבריק. אינדוסטריעלער אונטערנעמער, אָנפֿירער
מיט אַן אינדוסטריע ־קייט.

.

אינדוצירן— טרוו. ־ציר, אינדוצירט. פּפֿ:
אינדוקטירן. <איי <ל. אַרײַנפֿירן,
אַרויסרופֿן, באַווירקן, באַוועגן צו עפּעס. 1. (פֿיזיק)
גורם זײַן, שאַפֿן באַדינגונגען פֿאַרן אויפֿקום
פֿון אַן עלעקטרישן שטראָם אָדער אַ
מאַגנעטישער דערשײַנונג, אָן באַריר. א י נ ד ו צ י
רט ע ר מאַגנעטיזם — אין אײַזן, ווען מע האַלט
לעבן אים אַ מאַגנעט אָדער מע פֿירט דורך אַן
עלעקטרישן שטראָם אין אַ דראָט וואָס וויקלט
אַרום דעם אײַזן. אינדוציר אַפּאַראַט. 2. (

לאָגיק) קומען צו אַן אויספֿיר, צו אַ מסקנה אויפֿן
סמך פֿון פּרט־פֿאַלן. גיין מן הפּרט אַל הכּלל.

א, דעם אויספֿיר אַז... אינדוציִרטער כּלל.
־ונג. אינדוציִרטקייט. אינדוציִרלעך
— אַדי. וואָס מע קען אינדוציִרן.
אינדוקטאָ — צאָל, שטײַער אויף סחורה וואָס
ווערט אַרײַנגעפֿירט אין לאַנד. אין פּוילן זינט
1643. אין 'תּקנות ועד לובלין, ת,,ד, [י᠎tראל
הײַלפּרין, ועד אַרבּע אַרצות, ירושלים תּש,,ה].
אינדוקטיִ'וו — אַדי. 1. וואָס האָט אַ שײַכות
צו אינדוקציִע (בּ1). א'ע בּ י נ ד ו נ ג —
בּינדונג פֿון צוויי עלעקטראָפֿיצירטע קערפּערס.
2. וואָס איז אויסגעפֿירט, בּאַוויזן לויט דעם
מעטאָד פֿון אינדוקציִע (בּ2). אַן א'ע מסקנה. א'ע
וויסנשאַפֿטן. א'ער מעטאָד. א'ע לאָגיק. א'ע
פֿילאָסאָפֿיע. ,,דער לימוד גראַמאַטיק מוז
געפֿירט ווערן שטרענג א', די כּללים דאַרפֿן
אויסגעזוכט, אויסגעפֿירט ווערן פֿון דעם
מאַטעריאַל,,, ימ, שול־גראַמאַ᠎ויק, 1921. ,,עס ווערט
אָנגעווענדט דער אין קונסט־טעאָריעס איינציק
ריכטיקער א'ער מעטאָד... וועלכער שאַפֿט נײַע
פּרינציפּן אויפֿן סמך פֿון נײַע דערפֿאַרונגען,,,
שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. ,,... כּדי
אויף אַ כּשרן וויסנשאַפֿטלעכן א'ן אופֿן
אַרויסצוקריסטאַליזירן אַ וועלכן עס איז
סאָציאָלאָגישן געזעץ“, זשיט II, נ,,י 1912. ־יטע'ט —

אייגנשאַפֿט פֿון אַ סובסטאַנץ צו קענען
פּראָדוצירן עלעקטרישע אָדער מאַגנעטישע קראַפֿט.
פֿעאיקייט צו זײַן אינדוקטיוו ־קייט.

.

אינדוקט▯ירן — ← אינדוצירן. ־אַ'נץ —
די. בא. קראַפֿט פֿון מאַגנעטישער אָדער
עלעקטרישער אינדוקציע. ־אָר — אינדוציר־
אַפּאַראַט. יעדער מיטל ▯פֿאַר אינדוקציע, בּ1 ־ירונג.

.

־ירלעך — אַדי.
אינדוקציע — די, ־ס. <איי <ל. 1. (פֿיזיק)
פּראָצעס פֿון עלעקטריזירן אָדער מאַגנעטיזירן
אַ קערפּער דורך אַ צווייטן עלעקטריזירטן אָדער
מאַגנעטיזירטן קערפּער נאָר דורך בּרענגען זיי

אין דור יתום

אין בּײַנאַנדיקער נאָענטקייט. עלעקטראָ־
סטאַטישע א'. מאַגנעטישע א'. עלעקטראָ־מאַגנעטישע
א, — דורך שינוייִם אין מאַגנעטישן פֿעלד.
צווישנאַנאַנדיקע א'. אַ ל י י ן־א, — ווירקונג פֿון
אַן אינדוקטאָר אויף זיך אַליין. 2. (לאָגיק)
פּראָצעס פֿון דערפֿירן אַ הנחה, קומען צו אַ
לאָגישער מסקנה, גייענדיק פֿון אַ צאָל דערשײַנונגען

צו אַן אַלגעמיינעם אויספּיר פֿונעם פּרט צום
,
כּלל. היפּוך: דעדוקציע, דאָס גיין מיטן דרך
פֿונעם כּלל צום פּרט. "כּדי אָנצפֿווענדן אַזאַ
קריטעריע אין דער פֿאָרשונג, דאַרף מען נאָר
האָבן אויגן און אויערן פֿאַר דער א'„ זשיט
II ▯, נ"י 1917. 3. (מאַט) פּראָצעס פֿון
באַגרינדן אַ טעאָרעם מיט אַן אינדוקטיוון באַווײַז
[אַז זי איז ריכטיק פֿאַר אַלע ווערטן פֿון דער
ניט־באַקאַנטער קוואַנטיטעט; אַז אויב זי איז
ריכטיק פֿאַר n איז זי ריכטיק פֿאַר n + 1].
אין דור יתום — [איין דאָר יאָסעם] זאַץ. תּח.
<חגיגה, ג/ב. 'אַ דור איז ניט קיין יתום,
[צווייטע העלפֿט: 'שרבּי אליעזר בּן עזריה שרוי
בּתוכו, — צווישן וועלכן ר, אליעזר בּן עזריה
לעבּט], ד"ה אַ דור איז ניט אָרעם אויב זײַנער
אַ בּן־דור איז אַ גרויסע פּערזענלעכקייט.
געניצט געוויינלעך אָן דער צווייטער העלפֿט אָבער
מיט אַ נאָמען פֿון אַ גדול.
אין דורכבּאַנק — אַדוו. פֿטמ. וורר. דזוו
אין דורכשניט. „א, ד, פֿאַרדינען מיר אַ וואָך...„,
רייד (לובּלינער ג').
אינדזל — דער, ־ען. ▯ [Mhd: inse. אויך:
אינזל. 1. שטיק לאַנד אַרומגערינגלט פֿון

אַלע זײַטן מיט וואַסער (אָבער ניט גרויס גענוג
אויף צו זײַן אַ קאָנטינענט). גרויסער (קליינער)
א'. אַן א, אין ים (טײַך, אָזערע). אויף אַ
אַרוואָרפֿענעם א'. ,,מיר גפֿינן אין ספֿר בעלי חיים
אַז עשׂ איז פֿר האַנדן אין ווײַטי אונזלין מענשן
אָן קעפּ, די אויגן זענן אין דר בּריסט‘‘, שי,
לבֿ/א. ‘‘ווערן מיר מוזן אויף דיא אינזל בּלײַבּן‘‘,
מהמ, רכו/ב פֿון די דאָזיקע האָבּן זיך
פֿונאַנ. ,,
דערגעשיידט די א'ען פֿון די פֿעלקער [איי הגוים]
אין זייערע לענדער,,, תּי, בּראשית, י, 5. לעבּן
ווי אויף אַן א, — אָן פֿאַרבּינדונג מיט דער
וועלט. א'־אײַנוואוינער. א'־בּערג. א'ען־גרופּע,
א'־לײַט. אַן א'־מדינה.
2. פֿיג. יעדער מין (קליינער) שטח ערד וואָס
איז אַנדערש פֿון דעם וואָס רינגלט אים אַרום.

,,מיר האָבּן שוין אין נגב א'ען פֿון גרינס‘‘.
‘‘אין געדיכטן וואַלד אַן א', אַ לאָנקע מיט
הויכע גראָזן‘‘. אַ יידישער א, צווישן די גויִם.
־דיק — אַדי. ,,אַנטלאָפֿן צו אַן אייגענער
א'ער גליקזעליקייט‘‘, יג, אין תּוך I. ,,זיך
געהאַלטן א, אָפּגעזונדערט,,, צײַט, טמז, 1961

24 IX. „מאַמעס א'ער צער“, לוי גאָלדבערג.
אינדזליאַנער — דער, (־ס). וונ ־ין, ־ס.
אײַנוואוינער פֿון אַן אינדזל. „מוזן מיר זען גוטע
פֿרײַנד צו זײַן מיט די א'“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת
פענח, באַרדיטשעוו 1817.
אינדזלענווײַז — אַדוו. (צעוואָרפֿן) אַזוי ווי
אינדזלען. "פֿריִער האָבן מיר ייִדן דאָ געלעבט
אין איין געגנט. איצט לעבט מען א צווישן

1273

אַנדערע אימיגראַנטן„. "דער ייִדישער
פּראָלעטאַר אַט איז אַ קלאַס פֿון עקסטעריטאָריאַלן
'
פֿאָלק וואָס איז א אַרײַנגעשפּרענגט אין
אַנ,
דערע נאַציאָנאַלע מערהייטן„, מ. ליטוואַקאָוו, אין
אומרו I , מאָסקווע 1926.
אינדזשאָנקשן — די (דער), ־ס. אַמ. ־in:
ion nc . באַפֿעל פֿון געריכט וואָס סאַרבאָט

אָדער צווינגט עפּעס צו טאָן. צײַטווײַליקע,

באַשטענדיקע א'. באַקומען אַן א'. אַרויסקריגן
אַן א, (אויף דער 'סאָסײַעטי, ניט צו פֿאַרקויפֿן
דאָס הויז; קעגן אַרבעטער ניט צו פּיקעטן).
אינדזשי'ל — דער. בא. א,,י <אַראַביש.
סאָרט פּאַראַזיטן־גראָז אין מדינת־ישׂראל און
אין געגנטן מיט אַ וואַרעמען קלימאַט בכלל,
וואָס איז זייער שעדלעך פֿאַר די פֿעלדער (
אָנגענומען אין ישׂראלדיקן ייִדיש □אַר דעם
העברעאישן נאָמען 'יבלית'). ,,מע דאַרף אויסרײַסן
דעם א,'', קאָט. ''ס'איז דאָ אַזאַ גראָז, אַזאַ
פּרעסער — א', וואָס פּרעסט אויף אין אויפֿבלי
דיביימער אין לאַנד'', אפֿא,... שקיעה. ,,
אַרבעטן אין פֿעלד בײַם אָפּרייניקן דעם א',,, י.
מאַניק.
אינדזשעקשן — די, ־ס. אַמ. in□ee□ion: □.
אײַנשפּריצונג. אַן א, פֿון פּעניסילין. אויך:
אינדזשעקטן — טרוו
אין די אויגן — אַדוו פּראַזע. אין פּנים אַרײַן.
געזאָגט דירעקט דעם מענטשן. היפּוך: הינטערן
רוקן. זאָגן דעם אמת א, די א'. ,,א, די א, טאָר
מען קיינעם ניט לויבן'', שוו.
אינד אַ'ן — דער. מצ□ דזוו אינד אַנער. ,,דא
י י

שפּראַך דר אינדיאן: איך טוא מיך דר שרעקין
איבּר דײַן ריד", שאַר, קמב.
אינד אַניש — דאָס. בּא. יעדער לשון פֿון
י
דער גרויסער צאָל שפּראַכן פֿון די אינדיאַנער
 ←) אין צפֿון־ און דרום אַמעריקע.
-

אינדיאַניש — אַדי. וואָס איז פֿון אָדער האָט
אַ שײַכות צו די אינדיאַנער פֿון אַמעריקאַנער
קאָנטינענט. ← אינדיאַנער, בּ1. א'ע מנהגים.
א'ער לעבּן־שטייגער. א'ע ה י ץ — דריקנדיקע
היץ.
אינד אַנער — אַדי. אינוו. 1. וואָס איז פֿון
י
(אָדער האָט אַ שײַכות צו) די אינדיאַנער,
דוווו. א, שבֿט. א, קולטור פֿירונגען, שפּראַכן.

,
א, ז ו מ ע ר — בּאַצייכענונג אין צפֿון־

אַמעריקע פֿאַר שפּעט־האַרבסטיקע מילדע זוניקע
טעג. "דער שײַטערהויפֿן פֿון מײַן א, ז, אין
טראָפּנס גאָלד און רינגען רויך פֿאַרבּרענט", מל,
'אינדיאַנער זומער'. א, ק אָ ר ן — פֿאַפֿשוי.
א'(־)ר ו י ט — טונקל־רויט, פּורפּל־רויט (
קאָליר וואָס מיט דעם האָבּן די אינדיאַנער זיך
געפֿאָרבּן פֿאַר אַ שלאַכט, אויסצוזען קריגערישער).
2. אינדיש (←), נר. א, לשונות. א, טעמפּלען.
א, קאַסטעס.

אינדיאַנער — דער, מצ ווי אצ וונ ־ין, ־ס.
1. אוראײַנוואוינער פֿון אַמעריקאַנער
קאָנטינענט. איינער פֿון דער ראַסע אָדער דער
באַפֿעלקערונג אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס
די אייראָפּעער האָבּן גע◌ונען, ווען זיי זײַנען

אינדי'וו

געקומען אַהין. [קאָלומבּוס און זײַנע מענטשן
האָבּן געגלייבּט אַז זיי האָבּן געלאַנדט אין
אינדיע און דעריבּער האָבּן זיי אַזוי אָנגערופֿן די
מענטשן וואָס זיי האָבּן באַגעגנט. זיי ווערן
אָנגערופֿן ר ו י ט ע, די ,רויטע ראַסע, מחמת דעם
רויטלעך־בּרוינעם קאָליר פֿון זייער הויט.]
אָפּשטאַמיקער פֿון אָט די אוראַלטע אײַנוואוינערס

פֿון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. [אין 17. י״ה איז
געווען פֿאַרשפּרייט אַ לעגענדע אַז די א,
שטאַמען פֿון די פֿאַרלאָרענע צען שבֿטים]. 2.
אַמאָליקער נאָמען פֿון איינוואוינערס פֿון אינדיע, פֿון
אינדאָנעזיע און אויך פֿון אַנדערע טיילן □ון
דרום אַזיע.

-

אי'נדיגאָ — דער & די, ־ס. (באָטאַניק).
1. געוויקס פֿון דער אַרבעס־פֿאַמיליע טיט קרובֿ
צו 200 אונטערמינים; וואַקסט אין הייסע
געגנטן, באַזונדערש אין אינדיע און אַוואַ פֿון
י .
די בלעטער באַקומט מען אַרויס דעם
עקסטראַקט אינדיקאַן (←), דעם בלויען פֿאַרבשטאָף
אינדיגאָ. אויך א'־ג ע ו ו י ק ס. בײַ אַמד:
אינדיק. „תּבֿואה וואָס אין איר האָט
אָנגעוואַקסן די ווידערוואַקסונג פֿון א'... הייסט מען
אים דאָס ניט אויסיעטן״, זרעים, לז/ב. ־ln(]i
.□o□e□a tinctoria
2. בלויער פֿאַרבשטאָף (רויטלעך,
פּדרפּלבלוי) וואָס ווערט פּרעפּאַרירט אויף דער באַזע
פֿון אינדיקאַן, געניצט אין דער טעקסטיל־
אינדוסטריע צו פֿאַרבן וואָל און לײַוונט. אויך: א'־
ב ל ו י. ״געהאַנדלט האב מיט אים אויף

אינדיגאה“, ייִדישע בּריוו 1767 [אַמ ייִד,
היסטאָרישע געזעלשאַפֿט (ענגליש), בּ, □ XXXI, נ“י
1937]. „,... צבֿע כּחול הנקרא לאַזו„ר או א,
□ הצבֿע עצמו נוטה לשחרות“, הרבֿ ש פֿ פֿרענ□

□

..

קעל, ז□חי רצון, קראָקע תּרמ“ב, נ/א. „די פֿאַרבּ
א'־בּלוי פֿלעגט מען מאַכן פֿון דער
ראַפּספּלאַנץ. די כעמיע האָט אויסגעפֿונען ווי צו
מאַכן קינסטלעכע א',„ זשיט III, נ„י 1912.
אינדיגעסטיע — די. בּא. <איי <ל. '
ניטפֿאַרדײַאונג', אומפֿאַרדײַאונג (← 624). דיס□
פּעפּסיע. לײַדן פֿון א'.
אין די (הויכע) גד□לות — [גדוילעס] אַדוו
פֿראַזע מיט געשרייען, מיט גוואַלדן, אין אַ
קריגערײַ. “מישט זיך אַרײַן, ס'זאָל נישט קומען
א, די ה, ג'“, בּימקאָ, גנ□ים
אין די הויכע פֿענצטער — ← הויך.
אין די הענט — מיטן ווערבּ: נ ע מ ע ן ז י ך.
זיך בּאַהערשן. קאָנטראָלירן זיך. „גענוג צו זײַן
אַ ליידיקגייער, נעם זיך א, די ה'“.

אינדי'וו — דער, ־ן. פּפֿ: ענדי'וו. אויך:

עס־צ קאָריע. (באָטאַניק) איינאָריק אָדער צוויי־יאָריק געוויקס פֿון די לענדער אַרום מיטלענדישן ים. קולטיווירט אומעטום. ווערט געגעסן געקאָכט ווי אַ גרינצײַג און רוי ווי אַ סאַלאַט. "'עולשין, טײַטשט מען עס־ציקאָריע (אין דער גמרא: 'הינדבי'), 'תמכא, טײַטשט דער רמבּם גאָרטן־א'", פּיעט, פּסחים, בּ, ו [עס רעדט זיך דאָרטן וועגן די גרינסן אָדער קרײַטעכצער, וואָס מיט זיי איז מען יוצא דעם חובֿ, די מצווה צו עסן מרור אום פּסח]. iChorium en(1ivia).

אינדיווי'ד

אינדיווי'ד — דער, ־ן. אויך:

אינדיווידואום (נר). <איי <ל. ,ניט־טיילע .דיק'.

1. יחיד, איינציקע פּערזאָן (אַקעגנגעשטעלט דעם כּלל, דער געזעלשאַפֿט). דאָס רעכט פֿון דעם א,. 2. יחיד וואָס טיילט זיך אויס מיט זײַנע באַזונדערקייטן, מיט מאָדנעקייט (געוויינלעך פֿעיאָ אָדער מיט אַ גוטמוטיקן פֿאַרמשפּטן). ,,זעט, סאַראַ א, מיט אַ ווילדן הילוך".

אינדיווידואירן — טרוו. ־איר, אינדיווידואירט.

אַקצענטירן דאָס אינדיווידועלע. מיטהעלפֿן אין פּראָצעס פֿון אַנטוויקלען דאָס אינדיווידועלע, דאָס יחידישע. „דער הומאַניזם איז אויך געווען די תּקופֿה פֿון א'„ ־ונג.

.

אינדיווידואַ'ל — אַדי. ← אינדיווידועל. א'־ פּסיכאָלאָגיע — שיטה פֿון אַלפֿרעד אַדלער (1870—1937). ־יש — אַדי. דזוו אינדיווידואַל ־ישקייט — דזוו אינדיווידואַליטעט
א

. .

„זאַצן וואָס דריקן ניט אויס קיין שום באַזונדערקייט, קיין שום א, פֿון מחבר“, ימ, שולגראַמאַטיק, 1923.

אינדיווידואַליזאַציע — די, ־ס. 1. פּראָצעס אָדער מעטאָד פֿון אינדיווידואַליזירן. דורך א, קומען צו יעדן פּרט באַזונדער. 2. דאָס צופּאַסן (זיך) צו באַזונדערקייטן פֿון אַ יחיד. א, פֿון דעם לערן־פּראָצעס. „אין די פֿאַלן [פֿון קינסטלעכער דערנערונג פֿאַר זויג־קינדער]... א אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ ברייטער א',„ 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. 3. (יוריספּרודענץ) דאָס אָנווענדן באַזונדערע שטראָפֿן פֿאַר דעם זעלביקן פֿאַרברעכן, צופּאַסנדיק די שטראָפֿ[ן צו

די באַזונדערקייטן פֿון די וואָס האָבן עוֹבֿר
געווען אויפֿן געזעץ.

אינדיווידואַלי־ זירן — טרוו. ־זיר,
אינדיווידואַליזירט. 1. באַטראַכטן אָדער פּרעזענטירן
אַ זאַך (אַן ענין) פֿאַר זיך גופֿא. אויסטיילן ווי
אַ יש (אַן ענין, אַ פּראָבלעם) פֿאַר זיך. היפּוך:
גענעראַליזירן. 2. אַרויסהייבן עמעצן פֿון אַ
כּלל, אַ גרופּע און באַטראַכטן זײַנע
באַזונדערקייטן, זײַנע יחידישע שטריכן. א, די געשטאַלטן
פֿון ראָמאַן. 3. העלפֿן אַנטוויקלען די יחידי־ א
שע באַזונדערקייטן. אַ דערציאונג צו א, דעם
יונגן מענטשן. 4. אונטערשיידן (און
אויסרעכענען) די אייגנטימלעכקייט(ן) פֿון אַ פּרט.
א, יעדן מין פֿון דער פֿאַמיליע ווייכלײַביקע.
־זירונג. ־זירט — אַדי. וואָס איז
אויסא'ע נשמה וואָס קערט זיר אום צו איר נאַטיר־ א
געטיילט, ניט אײַנגעשלאָסן אין קיין כּלל. ,,אַן

לעכן קוואַל, די אוניווערסאַלע נשמה,,, דווקא,
.47־No 4

אינדיווידואַליזם — דער, ־ען. 1. טעאָריע
אַז דער ענדציל און דער וויכטיקסטער מיטל
אין דער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פֿון דער
געזעלשאַפֿט איז דאָס ווואילזײַן, די פֿרײַהייט

און די מעגלעכקייט אַרויסצובּרענגען די

שעפֿערישע ‎עאיקייטן פֿון דעם יחיד.

2. שיטה אַז יעדער יחיד איז אַ ווערט פֿאַר זיך בּיז צו דער מדרגה פֿון טראַכטן — צוליבּ מיר איז בּאַשאַפֿן געוואָרן די וועלט ["כל אחד ואחד חי‎בּ לומר בּשבֿילי נבֿרא העולם,,,

סנהד‎

רין, לז/א]. דער אויספֿיר פֿון דעם פּרינציפּ: ווער עס בּרענגט אום איין מענטשן איז ווי ער וואָלט אומגעבּראַכט אַ גאַנצע וועלט. ["כל המאבּד נפֿש אַחת מעלה עליו הכתוב כאלו אַבּד עולם מלא", דאָרטן]

3. טעאָריע אין עטיק אַז ווערטן, רעכט און חיובֿים וואָרצלען אין דעם יחיד, ניט אין דעם כלל. 4. טעאָריע אין עקאָנאָמיק אַז די איניצ אַטיוו פֿון יחיד דאַרף זײַן פֿרײַ פֿון מלוכהי

קאָנטראָל און אַז דאָס וואוילזײַן פֿון כלל איז אָפּהענגיק פֿון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פֿרײַהייט פֿון אַלע בּירגערס.

5. געדאַנקען־גאַנג פֿון ניט רעכענען זיך מיט

דער געזעלשאַפֿט, מיט אינטערעסן און ווערטן
פֿון מיטמענטשן. „... מיטן פֿאַטאַלן א, פֿונעם
דערוואַקסלינג, ווי מע שרעקט אונדז“, מוו,
דער וועג צו אונדזער יוגנט.
ינדיווידואַליטע'ט — די, ־ן. 1. סכום
אייגנשאַפֿטן, (כאַראַקטער־שטריכן, מעלות,
מידות) וואָס טיילן אויס אַ יחיד פֿון זײַן גרופּע,
סבֿיבֿה. ספּעציפֿישקייט פֿון כאַראַקטער. סכום
אונטערשיידן צווישן איין אינדיוויד און אַ
צווייטן. די א, ווײַזט זיך אַרויס אין אויפֿפֿיר, אין
אידייען. 2. פּערזענלעכקייט מיט
באַזונדערקייטן וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן. בולטע א'.
ינדיווידואַליסט — דער, ־ן. ווב ־ין, (־קע),
־ס. 1. אָנהענגער פֿון אינדיווידואַליזם ←.
‟אין דער באַטראַכטונג פֿון דעם מענטשן און
זײַן גורל אויף דער וועלט, איז איובֿ אַן א',
ער ווייס נאָר פֿון דעם איינצל־מענטשן“, זשיט I,
נ„י 1912. 2. ווער עס האָט בולטע
אינדיווידועלע שטריכן; פֿירט זיך אַנדערש ווי די
אַרומיקע, האָט אייגענע מיינונגען. „דער דור
ייִדישע שרײַבערס, וואָס צו אים האָט געהערט
דער יונגער אַש, איז געווען אַ דור פֿון א'ן“,
שנ, שלום אַש. ־יש — אַדי. „בטבֿע איז דאָך
עכט־קינסטלערישע ליריק א, און

אַריסטאָקראַטיש״, ימ, פֿון צ□ט צו צײַט, קאָוונע 1927.
־ישקייט.

ינדיווידואַציע — די, ־ס. 1. דאָס
אָפּזונדערן דאָס איינציקע, דאָס אייגנאַרטיקע פֿון דעם
אָלגעמיינעם; דער פּראָצעס פֿון מאַכן אָדער
ווערן אינדיווידועל. 2. אַנטוויקלונג פֿון
אינדיוויד און אינדיווידועלקייט פֿון דעם
אוניווערסאַלן פֿון דעם כּללישן. די תּקופֿה פֿון א'.

ינדיווידוע'ל — אַדי. פּפֿ: אינדיווידואַ'ל
(נר). 1. וואָס האָט אַ שײַכות צום אינדיוויד,
וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ יחיד, פֿאַר
אַ באַזונדערער פּערזאָן, און וואָס טיילט אויס
פֿון דער גרופּע. א'ע באַדערפֿענישן. די א'ע
כאַראַקטער־שטריכן פֿון אונדזער באַקאַנטן. א'ע
געניאַליטעט. „די גרויסע אָביעקטיווע פֿאַקטן
פֿון דער גרויסער היסטאָרישער עפּאָכע האָבן
זיך געדאַרפֿט איבערלײַטערן אין אַ נאָך
גרעסערער, אין נאָך אַ רײַכערער א'ער פֿאַנטאַזיע,,,
שנ, שלום אַש. „,... רעדן, ווי דער שטייגער
איז פֿון נישט געניט א'־געוואָרענע מענטשן,
בלשון 'מיר',, צײַט, טמז, 1964 I □י 12. 2.
אייגנאַרטיק, וואָס טיילט אויס אַ גאַנצן מין פֿון די

אַנדערע מינים אָדער אַ גרופּע פֿון אַ צווייטער.
די א'ע אייגנשאַפֿטן פֿון דעם מין (געוויקסן,
באַשעפֿענישן). ,,אונדזער ראַבינאַט האָט שוין
לאַנג אָנגעוואוירן יעדער א'ע פֿאַרבונג,,,
פּינסקער שטאָדט־לוח, תרס,,ד. ־קייט.
אינדיום — דער. בא. כעמישער עלעמענט. אַ
זילבער־ווײַסער מעטאַל; לאָזט זיך שמעלצן און
פֿאַרבינדט זיך גרינג מיט אַנדערע עלעמענטן.
איז פֿאַראַן אין פֿאַרשיידענע מינים אַרץ,
ספּעציעל אין צינק־בלאַנק. אין זײַן ספּעקטער זײַנען
פֿאַראַן צוויי בלויע ליניעס (דערפֿון אויך דער
נאָמען. ← אינדיגאָ). זײַן סימבאָל איז ln. זײַן
אַטאָמישער נומער איז 49, אַטאָמישע וואָג
.114.7□
אין די טשוועקעס — מיטן ווערב: ה אָ ב ן.
*איך האָב עס א, די ט, = עס אַרט מיך ניט,
ס'איז פֿאַר מיר אַ זאַך אָן אַ ווערט. ,,זי וויל
מער ניט גיין מיט מיר? מילא, איך האָב עס א,
די ט',,.
אי'נדיטשקע —־ די, ־ס. פּפּ: ענדיטשקע,
אינדיצע. <פּויל, וור, אוק. זי פֿון אינדיק
←. נאַרישע א,. איבערגעשראָקענע א, פֿעטע

—
.
א'. "עס קומט אַן אויסמישעניש... די א', די
קוואָטשקע מיט הינדעלעך", ממוס, שלמה.
,,אָבער אַן אשה, נעבעך... דאָס איז ווי א'ס!
אָ ל אַדע וואָס, איז אויף זיי, רחמנא לצלן, אַ
,
פֿגירה!", פּרץ אַ פֿאַרשטערטער שבת'. ,,
משׂו,
ררל מאָדערנער וואָס מאָלט אַ ציג אויף זיבּן
פֿיס, אַן א, מיט הערנער" פֿרוג III. צונעמעניש
,
פֿאַר אַ פֿעטער (און נאַרישער) פֿרוי. בּײַ אמד:
אַדי — אינדיצענע. א, פֿעדער.
אין די יאָ'רן — אַדוו פֿראַזע. שוין געננג
אַלט. "איך בּין שוין אַ מיידל א, די י,,, פֿל.
,
,,אַ פֿרײַלין וועלבע איז שוין א, די י',
פֿאַרוועלקט", ח. בּר, אונזערע יודען אין דרײַסיג
יאָהר אַרום, בּאַרדיטשעוו 1907. ,,ער איז אַ
בּחור א, די י, און מע דאַרף אים חתונה מאַכן,,.
,,די מאַשין, אַ פֿאָרדל... ווײַזט אויס א, די י',,,
קאָך III.
אין די, יאָרן — אויף דער עלטער. גאַנץ
אַלט. ,,א, די, י, ווילסטו נאָך חתונה האָבּן?,,.

,,צו וואָס זאָלסטו זיך א, די, י, אַזוי פּלאָגן?,,, ממוס, קליאַטשע.

אינדײַט ן — טרוו. אינדײַט, אינדײַטעט.: .

in(!ic. אַמ פֿאָרמעל, געריכטלעך באַשולדיקן עמעצן אין אַ פֿאַרברעך. ־מענט — דער. אָנקלאָי. באַשולדיקונג.

אין דײַן טאַטן — גראָב. בײַם זידלען זיך, בײַם שעלטן. אַ רוח (שד, ניט־גוטער) א, ד, ט', אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן. ,,אַ רוח א, ד, ט, מיט דער מאַמען פֿאַרבראָקט,,.

אינדיך — ← אינדיגאָ.

אינדין — די, ־ס. פּפֿ: הינדין. וונ פֿאַר אינד, (←). טוו פֿאַר אַילה. די א'ס פֿון פֿעלד. ,,ווען רות וועט זיך באַווײַזן, די געהיימע א'“, צײַט, מטטרון.

אי'נדיסע — דער & די, ־ס. שפּאַ. נר. 1. אינדעקס, זוכצעטל, רשימה. ,,אין דעם א, זענען

אי'נדיסקרע'ט

פֿאַרשריבן די אַדרעסן לויטן אַבעצעדאַריאָ“, רייד (ב,,א). 2. קליינער פֿינגער. די א'ס זענען בײַ אים אויסגעקרימטע“, רייד (ב“א).

אי'נדיס קרע'ט — אַדי. דזוו אומדיסקרעט

(←, 566). ־קרעציע (דאָרטן).

אינדיע — גנ. גרויס לאַנד אין דרום־אַזיע. געהייסן אויך הינדוסטאַן, ווערט באַצייכנט — סובקאָנטינענט פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון קרובֿ צו .

4 מיליאָן קוו, קמ', מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 472 מיליאָן (1967). 1947 — אומאָפּהענגיק פֿון דער בריטישער אימפּעריע. הויפּטשטאָט ניודעלהי (די גרעסטע שטעט: קאַלקוטאַ, באָמביי, מאַדראַס). די באַפֿעלקערונג אין א, איז אַ געמיש פֿון אַ גרעסערער צאָל עטנישע גרופּעס (נעגראָאידן, מאָנגאָלאָאידן, דראַווידן, אינדאָ־אַריער אאַ) וואָס רעדן אויף אַן ערך 200 שפּראַכן (די וויכטיקסטע צווישן זיי: הינדי, אורדו, בענגאַליש, טעלוגו, טאַמיליש אאַ) און געהערן צו פֿאַרשיידענע גלויבנס (הינדו, מוסולמעניש אאַ). „איש, איין מאַן, איין יהודי דר איז גקומן פֿון ווײַטן לנד אויש דש לנד הודו דז מיר הייש̂ן אינדיא“, שאַר, קיב. „ער איז דער (אַחשורוש) דר דא האָט גיקיניגט פֿון אינדיא ביז דעם מאָהרן לאַנד“, ר, אַהרן מטרי□ש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר„ג, כ/א.

[לעגענדעס וועגן ייִדן אין א, שוין אין פֿאַרבינדונג מיטן חורבן מלכות־ישׂראל. ידיעות

וועגן דאָרטיקן יידישן ישובֿ שטאַמען ערשט
פֿונעם 16. י,,ה, ווען מערבֿ־אייראָפּעאישע
לענדער האָבן אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין אָט דעם
סובקאָנטינענט. אָנהייב די זעכציקער יאָרן
פֿונעם 20. י"ה האָבן געלעבט אין א, אַן ערך 20
טויזנט יידן, אײַנגעטיילט אין דרײַ באַזונדערע
גרופּעס. די גרעסטע גרופּע (16 טויזנט), די
אַזוי אָנגערופֿענע 'בני־ישׂראל,, לעבן דער עיקר
-

-

אין באָמביי און אין דער סבֿיבֿה. זייער שפּראַך
איז טאַמיליש. די אַנדערע צוויי גרופּעס זײַנען
די 'קאָטשינער, און 'באַגדאַדער, יידן. זינט דעם
אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל האָבן אַהין עולה
געווען בײַ אַ 5,000 בני־ישׂראל און קאָטשינער
יידן.]
אין די פּלאַץ — אַרכ. דזוו אַנשטאָט, במקום.
,,א, די פּ, דשׂ מן האָט (הנותן תשועה) גמאַכט
אַן דז (מלכות), אַזו האָט מן (הנותן תשועה)
גמאַכט אַן (שבתי צבֿי)", שאַר, קד/ב.

--

אין די סעדערן — אַדוו פֿראַזע. ווען מען איז שוין אין אַ גוטן מצבֿ, רײַך געוואָרן. "ער איז שוין א, די פֿ', עס פֿעלט אים נישט אַפֿילו פֿון פֿויגלמילך". „אַוודאי, איז ער שוין א, די פֿ', אַז ער ווערט אַ קנעפּל מיט יעדערן", ייִל, וועלט לוח, אַדעס תּרמ"ג. „וואָס מער ער איז אַרײַן א, די פֿ', אַלץ קלאָרער האָט ער גענומען אײַנזען אַז אַנדערע... האַלטן שוין אַ סך ווײַטער", ר. פּאַלאַטניק, איק, ר„ה תּשכ„ז.

אינדיפֿערע'נט — אַדי. <איי <ל. וואָס עס גייט ניט אָן, וואָס אַרט ניט. גלײַכגילטיק, ניט־פֿאַראינטערעסירט. אַן א'ע באַציאונג. א'ע ענינים. "אַזוי א, צו זײַן צו אַזאַ וויכטיקע ייִדישע פֿראַגע!", ארז, קמ 1868, No . ־קייט.

128()

אינדיפֿערענט יזם — דער, ־ען. אײַנשטעל פֿון גלײַכגילטיקייט, ניט־פֿאַראינטערעסירטקייט (צו פּאָליטיק, אידייען, ווערטן). שעדלעכער א,. דער א, פֿון דער יוגנט ־יסט.

.

אינדיפֿערע'נ ץ
— די, ־ן. ,ניט אַנדערשקייט',
-
גלײַכגילטיקייט, ניט־פֿאַראינטערעסירטקייט. אַן
א, צום אויסגאַנג פֿון די וואַלן. ,,'טאָלעראַנט,
אין זינען פֿון א, קאָן זײַן אַ ניט־גלייבּיקער, אַן
אַטעאיסט“, גרינ, איד און וועלט ־צירט —

אָדי. וואָס איז אָן אַן אונטערשייד, וואָס מע
קען אין דעם ניט געפֿינען קיין אונטערשייד,
קיין בּאַזונדערקייט. ,,יעדער פּערזאָן, יעדער
איינציק געזיכט איז נאָר איינער פֿון די פֿלעקן
וואָס שטעלן צונויף דאָס בּילד פֿונעם
אומגעטיילטן, א'ן שטעטלדיקן כּלל,,, שנ, דערציילערס
און ראָמאַניסטן.
אינדיציע — די, ־ס. <איי <ל.
בּאַצייכענונג, סימן. א'־ד ע ר ו ו ײַ ז — אויפֿן סמך פֿון
אַ סל אַד פֿון אַ פֿינגער אָפּדרוק אע.
- ,

,
אינדיק — דער, ־עס. וונ — אינדיטשקע. פּפֿ:

ענדיק. <פויל, אוק, וור.   גרויסער
שטוביקער עוף פֿון דער משפּחה פֿאַזאַנען. געוויינלעך
גרוי, מיט רויטע פֿיס און קראָפּ, מיט רויטלעכע
פּערל, אויפֿן האַלדז, וואָס ווערן גרעסער, בלאָזן
זיך אָן, ווען דער פֿויגל איז אויפֿגערעגט.
שטאַמט פֿון צפֿון אַמעריקע. איז געוועזן שטוביק
-

-

▯
שוין בײַ די מעקסיקאַנער. זינט 16. י"ה
פֿאַרשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. קלאַנג פֿון
א, — אַ האָלדער. א'עס ה אָ ל ד ע ר ן.
▯יאַק[a1lo▯ ris▯ [Melea.▯tב פֿאַרטײַטשט: ,,תּר
נגול דהודו — אינדינישה הען".

געבּראָטענער א'. געריייכערטער (
גערויכערטער) א,. צוליבּן גוטן טעם פֿון זײַן פֿלייש
איז א, געוואָרן אין אַ סך לענדער אַ חשובֿער
מאכל פֿון יום־טובֿדיקע סעודות, ספּעצ אין
צפֿון־אַמעריקע אין דעם נאַציאָנאַלן יום־טובֿ
'טענקסגיווינג דעי, (דעם טאָג פֿון געבּן אַ דאַנק
צו גאָט פֿאַר גערעטעניש), ווען דאָס עסן
'טוירקי, איז בּמוֹ אָבּליגאַטאָריש. ייִדן אין
מזרחאייראָפּע האָבּן געהאָדעוועט א'עס לכּבֿוד פּורים
און פּסח. בּײַם יום־טובֿ פּורים איז דער מאָטיוו
געוועזן אַז עס איז אַ 'זכר לאַחשורוש, וואָס
איז געווען אַ 'מלך טיפּש, (מגילה, יב/א) און א,
איז אַ מוסטער פֿון טיפּשות, ווײַל ער בּלאָזט
זיך. דעם קראָפּ פֿון א, פֿלעגט מען פֿילן ווי
אַ העלדזל. גראָבּער א, — וועגן אַ דיקן מאַן.

אינדיק

פֿאַראַן אַ שלל פּפּ פֿוול און שוו אין שײַכות

'

,

מיטן כאַראַקטער און העוויות פֿונעם א', מחמת

זײַן אָנבּלאָזן זיך, ווערן דערבּײַ שטאַרק רויט אין קאַם און זײַן אויסבּרייטערן דעם עק, און איבּער דעם כאָרכלדיק־בּייזלעכן קלאַנג וואָס ער גיט אַרויס פֿון זיך פּפֿ: (ווערן) רויט ווי אַן א,

—— .

= ווערן אין כּעס. אָנבּלאָזן זיך ווי אַן א, = ווערן בּרוגז אָן שום גרונט. „רײַסן זיך ווי די א'עס“; „קלערן ווי דער א'“ = ווי אַ שוטה; האָבּן שׂכל ווי אַן, ווי (דער, אונדזער) א'. בּלאָזן (פֿון) זיך ווי אַן א, (□אַר פּסח) = זיך האַלטן

-

גרויס. „נאַריש ווי דעם כעלמער חזנס א, (ווי דעם דרויער חזנס א')“; „אַ (דער) שוואַנץ (ווי) פֿון כעלמער חזנס א'“. „שטאָפּן ווי אַן א, אויף פּסח“ פֿאַרפֿאַלן ווי אין פּסחדיקן א',..

* „ —— ——

פֿוול און שוו: „עס האָלדערט דער א, בּײַם נגיד ר, מינדיק, עס פּגרט די מויז בּײַם קבּצן אין הויז (עס גרילצט די גריל בּײַם קבּצן עזריאל),,; „אַן א, האָט אַ סך געטראַכט און געפּגרט“; „אַ קאַץ אָדער אַן א, —— (אַבּי) אַן עוף אויף שבּת“; „זאָל זיך האָדעווען אַן א, אויף פּסח,,; „מע דערקענט דעם א, נאָכן פּיק

(קראָפּ)". „נאָכן פּופּיק זעט מען ווי גרויס דער
א, איז„, „מע האָדעוועט דעם א, (ביז פּסח) נאָר
צוליבן קראָפּ", "ניט פון כלאָזן זיך ווערט דער
א, פּעט", „אַז מע זיי(ע)ט א'עס וואַקסן
נאַראָנים (חזנים)" פּײַף ניט אַז עס זײַנען דאָ א'עס

„

אין שטוב" (ניט אויפּצורייצן עמעצן); „אויף
פּרעמדע א'עס איז גוט צו ײַפּן„; „וואָס איז
דעם א, פּאַר אַ חילוק, צי מע קוילעט אים
אויף פּורים צו דער סעודה, אָדער אויף פּסח
צום סדר?„. ווײַל מע האָט געהאַלטן אַז
דײַטשן (אויך ייִדן פון דײַטשלאַנד) זײַנען
נאָראָנים — דײַטש־א', יעקע־א'. ליטווישע ייִדן
האָבן געהאַלטן אַז די קורלענדער זײַנען
גרויסהאַלטערס און נאַראָנים — דערפון: קורלענדער
א,. „אין די לאַגערן אונטער די נאַציס איז
אינדיק געווען אַ וואָרנונג אַז עס קומט אַ דײַ..
טשישער שומר", פּלח, 6.
ווען מע וויל, מע זאָל לאָזן צו רו מיט
פּראַגעס פּאַרוואָס, שטעלט מען דעם פּרעגער די
קשיא: — ווייסט פּאַרוואָס א'עס זײַנען רויט? —
איך ווייס ניט. — עס איז געווען אַמאָל ערבֿ
פּסח אַן אונטערגאַנג אויף א'עס. האָט דער רבֿ

געהייסן זיי רייַבן מיט כריין. זײַנען זיי געוואָרן
דויט“.
פֿײַפֿן צו א'עס — אַ מין שפּיל בײַ קינדער
כּדי זיי אויפֿצורייצן און זיי זאָלן האָלדערן,
און זיך אָנבלאָזן. חדר־ייִנגלעך פֿלעגן זיך
אַרומשטעלן אַרום די א'עס אויפֿן הויף און
אויסשרײַען אויף אַ קול: „'א', א', ווען איז פּורים?,
און פֿלעגן זײַן זיכער צו הערן: 'אָדר, אָדר, אָדר',
(פֿאַרבײַט פֿונעם קלאַנג '(ה)אָלדער, (ה)אָלדער,
וואָס דער א, גיט אַרויס). און אַז חבֿרה פֿרעגן:
„א', א, ווען איז פּסח?“ און ער גיט אויך דעם
זעלביקן ענטפֿער, שרײַען צו אים די קינדער:
„נאַרישער א', זאָלסט וויסן, ס'איז ניסן„; [אין
תּפֿיסות (ראָדעם אאַ) אַז מע האָט געשפּילט אין
דאָמינאָ, דאַמקעס אע, האָט דער פֿאַרשפּילטער
געדאַר▯ט צוקלעפּן צו דער נאָז אַ שטיקל

פּאַינדיקאַטאָר

פּיר, דער געווינער האָט אים אָנגערופֿן א, און
דער פֿאַרשפּילטער פֿלעגט ענטפֿערן: „האָלדער,
האָלדער„.] „געקומען זעקס ארץ־ישׂראל יוון,
דווקא גאַנץ שיינע ייִדן, אויפֿן ביין זײַנען זיי
אַ סך שענער געראָטן פֿון מײַנע פּסחדיקע

א'עס,,, ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר תּרל,,ו.
,,דער א, מיט דער לאַנגער רויטער נאָז האָט
זיך דאָ געגעבן אַ ריטש און אַ בלאָז,,, עט,
משלים. ,,אַ נאָדל אין אַ פּופּיק איז אַ האַרבע
שאלה, אַן איבערביינדל — נאָך מער חומרא,
אַן א, מיט אַ וויַסן קראָפּ נאָך מער חומרא,,,
דלוגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע 1881.
אינדיקאַטאָר — דער, ־ס <איי <ל. '
אָנווייַזער. 1. אינסטרומענט, מכשיר וואָס וויַיזט
אָן דעם מעכאַנישן דרוק, די מדרגה פֿון
פֿיַיכטקייט פֿון היץ, די גיכקייט פֿון אַ באַוועגונג אאַ.

א, ביי אָ ליפֿט. א, פֿון וואָלטאַזש. דרוק־א,.
טיפֿקייט־א'. א, פֿאַרן סכום גאַזאָלין אין אויטאָ.
2. (כעמיע) סובסטאַנץ, מיטל, כעמישע
פֿאַרבינדונג, וואָס דינט צו וויַיזן באַשטאַנד פֿון אַ
צעלאָזונג. אַ לאַקמוס־פּאַפּירל איז אַן א, וואָס ווערט
בלוי ב— אַ לויג, רויט ב— אַ זויערס, וויאָלעט
אין אַ נייטראַלער צעלאָזונג. 3. יעדער מין
אָנווייַזער אויף עפּעס וואָס מען איז
פֿאַראינטערעסירט אין דעם. אַן א, פֿון נעמען. אַן א,
עפּעס צו געפֿינען. ,,אַזאַ שרעקלעכער גרייַז

איז אַן א, סאַראַ קענער ער איז,,. 4. צונאָמען
פֿאַר א פּאָליטישן געהיים אַגענט ־יש —

-

.

-

אַדי. א'ע דיִאַגראַם.
אינדיקאַטי'וו — אַדי. <איי <ל. 1. וואָס
ווײַזט אָן אויף עפּעס, וואָס האָט אין זיך אַ
וויכטיקן סימן פֿאַר עפֿעס; וואָס מע קען ניט זען,
אָבער איז דאָך בפֿירושדיק. אַן אויפֿפֿיר וואָס
איז א אַז מע האָט צו טאָן מיט אַ
פּסיכיש,
קראַנקן. 2. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַן
אינדיקאַטאָר. קוקן אויפֿן א'ן ווײַזערלי
אינדיקאַטי'וו — דער, ־ן. (גראַמ) דזוו א
נדיקאַטיווער מאָדוס. מאָדוס פֿון ווערב
וואָס באַצייכנט אַן אַקט וו אַן אָביעקטיוון
י
פֿאַקט, אומאָפּהענגיק פֿון די געפֿילן פֿון ריידער,
אַנדערש ווי אימפּעראַטיוו, אָפּטאַטיוו,
קאָניונקטיוו. איך גיי, איך שטיי, איך בין געגאַנגען, איך
וועל גיין אדגל.
אינדיקאַ'ן — דער. בא. 1. (כעמיע) גלוקאָז,
סובסטאַנץ וואָס גע ינט זיך אין געוויקס

אינדיגאָ ← (טיילט אויס אַ בלוי־וויאָלעטן קאָליר).
2. (בּיִאָכעמיע) זאַלץ אין אורין אין אַ נאָרמאַלן
צושטאַנד און אויך אין אַנדערע קערפּערלעכע
פֿליסיקייטן.
אינדיקזוימען — דער. מצ ווי אצ. פּפּ: ־
זאָמען. בּאַבּסקע רפֿואה פֿאַר קראַנקע קינדער.
חוזק־נאָמען פֿאַר אַלע מינים בּאַבּסקע רפֿואות.
א, מיט קאַטשקע־שמאַלץ. א, מיט יעלה־
ויבֿאשמאַלץ. "האָט ער דאַכט זיך געזאָגט: קאַטשאַן,
ווייס איך וואָס קאַטשאַן הייסט? א, צי
קאַטשקעפֿוטער...,,, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע.
אינדיק□ירן — טרוו. ־קיר, אינדיקירט. שפּאַ.
אָנווײַזן, אָנדײַטן. א, דעם וועג, מע זאָל ניט
דאַרפֿן בלאָנדזשען ־אַציע.
—
.

1281

אין די רייי'ד — אַדוו פֿראַזע. גלײַך בײַם
רעדן. תּוך כּדי דיבּור. ,,שלמה בעשעכעס האָט
א, די ר, אויסגעקנעלט אַן עצה,,, יאַ,
שטערנטיכל. אַרײַנפֿאָרן א, די ר, = איבּעררײַסן
□

עמעצנס רייד.

אינדירע'קט — אַדי. <איי <ל. דזוו אומדירעקט (←, 566). „אויף דער ייִדישער ליטעראַטור האָט דער אַרום געווירקט אויף צווייערליי אופֿנים: 1) דירעקט ווי אומעטום און 2) א, דורך אַנדערע ליטעראַטורן„, שג, די ייִד, ליטעראַטור און די לעזערין. ־ערהייט — “אָבֿער אויך אין דעם פֿאַל וואָלט דאָס געהייסן א, אָפּשיקן צו העגעלן„, זשיט II□ו, נ„י 1917. ־קייט.

אינדיש — אַדי. וואָס איז פֿון אינדיע. וואָס האָט אַ שײַכות צו (וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון) אינדיע פֿרגל אינדיאַניש, אַדי. א'ער טעמ.

פֿל. א'ע קונסט. א'ע שפּראַכן. “טאַגאָרע האָט געשריבֿן ענגליש, כאָטש ער איז געווען דורכויס א, אין זײַן מיסטיציזם“, אפֿא, טמז, 1956 II 18.

א'־ג ע ל — געלע פֿאַרבֿ פֿון אַ פֿיגמענט וואָס קומט פֿון אינדיע און כינע (עקסטראַקטירט פֿון השתּנה פֿון וועגעטאַרישע חיות, געהאָדעוועט אויף מאַנגאָ־□רוכט). בײַ פֿאַרשיידענע נעמען פֿון חיות: א'ער וואָלף, א'ער נאָזהאָרן אאַ. בײַ פֿאַרשיידענע נעמען פֿון געוויקסן, למשל א'ער דעמבֿ, א'ער קאָרן, א'ער טאַבֿעק (אייגנטלעך:

אינד אַנישער).
,

אינדישער העלפֿאַנט — דער, ־ן. ←
העלפֿאַנט. איינער פֿון די
גרעסטע צווישן די מינים
העלפֿאַנטן וואָס לאָזן זיך
צוימען. זײַן וואָג
דערגרייכט בּיז 14 טויזנט
פֿונט. מיט אַ גרויסן קאָפּ
און גראָבן שטערן. לעבּט
אין די געדיכטע וועלדער
פֿון דעם מאַלאַאישן
האַלבּאינדזל, סומאַטראַ, בּאָרנעאָ.
ווערט בּיסלעכווײַז
אויסגעראָטן. s□וini□ ma□as□][el□].

אינדישער טאַפּי'ר — דער, ־שע □ן.
זויגחיה פֿון דער טראָפּישער אַמעריקע, דערעיקר
פֿון בּראַזיל. לעבּט אויך אין מאַלאַיע, סומאַטראַ
און אַנדערע געגנטן מיט אַ הייסן קלימאַט;
בּעל־חי פֿון
מיטעלער גרייס
מיט קורצע און
דיקע טלאָאיקע
פֿיס און מיט

אַ דיקן שנוק.
לעבּט אין אַ ווילדן צושטאַנד, איז זייער שרעקעוודיק און נערט זיך מיט געוויקסן וואָס ער גייט אַרויס זוכן נאָר בײַנאַכט. □[e□ s□ר][i□]□ד .res□ris□ ו□][□ms in(lic□s

אינדיש־רויט — דאָס. מצ נבּ מעטאַלישער אָקסיד וואָס בּאַשטייט פֿון אײַזן־פֿעראָקסיד מיט טיילכעלעך ליים. קומט לכתּחילה פֿון אינדזלען אין פּערסישן גאָלף, דערפֿון שטאַמט דער

נאָאינדע'ם

מען. א'־ר, געפֿינט זיך אין פֿאַרשיידענע ערדן און אַרצן, מיט אַ רויטלעכן, בּרוינעם אָדער געלן קאָליר. געניצט ווי אַ פּיגמענט אין פֿאַרבּשטאָפֿן.

אין די שתיקה — [שטיקע] אַדוו פֿראַזע. פּפֿ: אין דער שתיקה, ←. בּשתיקה, אין געהיים. "ווען זיך זעלט בּטרעפֿן איין גרושֹן רווח, מעג ער וואָל הנדלין [אום חול־המועד] א, די ש,, ניט אָפֿין וואַר", עח, סט/ד.

אינדלען — אוטוו. <אינד = כוואַליע. נעאַל. זיך כוואַליען. "און פֿון ווײַטן די זאַנגענע דיונעס נעמען א, אין פּײַכטלעכן אוגער", סוצ וואלדיקס.

אינדלען זיך — אוטוו. נעאָל, א□וו. זיך באָדן,
זיך שפּילן, בראָדזשען בײַם סאַמע ברעג ים,
וואו די אינדן שלאָגן זיך אָן אויפֿן ברעג. ־ער
— א□וו. ווער עס באָדט זיך אָדער בראָדזשעט
בײַם אינדנבראָך.

אינדנבראָך — דער, מצ□ אווו. ברעג ים וואו
עס ברעכן זיך די אינדן, די כוואַליעס.
איבערזעצונג פֿון ענגלישן וואָרט □sur.

אין דנין את האָדם — [איין דאָנין עס
האָאָדאָם] זאַץ. תּח. <ראָש השנה, טז/ב. 'מע
משפּט ניט דעם מענטש (לויט זײַן אַמאָליקער
אויפֿפֿירונג), [צווייטע העלפֿט: 'אלא לפי מעשׂיו
של אותה שעה, — נײַערט פֿאַר זײַנע מעשׂים,
טואונגען פֿון איצט]. געניצט אויך מיטן ב: דער
מענטש איז ניט וואָס ער איז געווען, נאָר דאָס
וואָס ער איז איצט (נאָכדעם ווי ער האָט זיך
געביטן). „באַרעדט אים (זי) ניט און דערמאָנט
ניט ווי ער (זי) האָט זיך אויפֿגעפֿירט
יונגערהייט, א, ד,...„.

אינדעטערמינ יזם — דער, ־ען. <איי <ל
(עטיק) טעאָריע, שיטה אַז דעם מענטשנס ווילן
איז פֿרײַ און ווערט ניט באַשטימט אין פֿאָרויס
פֿון אַ סיבה אָדער סיבות, אומאָפּהענגיק פֿון

ווילן, אײַנשטעל, פֿון העכערער מאָראַל;
פּרינציפּ פֿון פֿרײַען אויסקלײַב צווישן גוטס און
שלעכטס. בּחירה חפֿשית לויט ייִדישער
טערמינאָלאָגיע. היפּוך: דעטערמיניזם. [בּחירה
חפֿשית פֿרײַער אויסקלײַב — איז אַ

גרונט .
פּרינציפּ פֿון ייִדישער אמונה און ייִדישער
פֿילאָסאָפֿיע. אין חומש: 'החיים והמות נתתּי לפֿניך...
ובֿחרתּ בּחיים, (דבֿרים, ל, 19); אין תּלמוד:
'הכּל בּידי שמים חוץ מיראת שמים, (בּרכות,
לג/ב; נידה טז/ב). ר, עקיבֿאס פּרינציפּ: 'הכּל
צפֿוי והרשות נתונה, (אָבֿות, ג, טז) — פּיעט:
,,אַלץ ווערט פֿאָרויסגעזען (דורך גאָט), אָבּער
די פֿרײַהייט ווערט געגעבֿן,,.] ־יסט —
אָנהענגער פֿון אינדעטערמיניזם ־יסטיש —

אדי.
אינדע'ם — אַדוו. פּונקט אין דע'ר צײַט. ,,א,
הערט ער טריט" פֿמ. "אין דעם איז דער ווירט

,

אויך קומען... און, הוט אים שלום געבֿן",
בּראנט, פּרק ו. ,,א, ווי די ייִדן טענהן דאָ אַזוי,
קומט אָן פֿישקע", ממוס. "א, דערהערט זי ווי

עמעצער שאַרט זיך צווישן די הושענאַ־
בלעטער״, אַש, תהילים־ייִד. ״א, האָבן די פערד
גענומען לויפן... און געלאָפן אַזוי שטאַרק״,
לדב, נ,,י תשי״ז.

אין דעם

אין דעם — דאָ איז א י ן אַ באַזונדערע פרעפּ
און ד ע ם — אַרטיקל אָדער פראָ. ,,אין דעם
קאַסטן ווערסטו עס ניט געפינען״. ,,אין דע'ם
הדר איז ער ניטאָ,,. ,,ס'אין שוין דאָ אין דע▯ם
א▯שר אַ יאָר צען״.
אין דע'ם ברויט — אין דעם זעלביקן
אָפצווייג סון פרנסה. א▯ן דער זעלביקער
פראָפעסיע. ,,מיר זײַנען ביידע א, ד, ב,, דאַרפן מיר
ווערן פרײַנד, ניט קיין קאָנקורענטן״.
אינדעמנ▯יזירן — טרוו. ־זיר, אינדעמניזירט.
>איי <ל.   געניצט אָפט אין לאַטײַן־
אַמעריקע. צוריקגעבן געמאַכטע הוצאָות, פאַרגיטיקן
▯אַר געליטענעם שאָדן. א, די נשׂר▯יס. א, די
געליטענע פון דער פאַרפלייצונג. ,,ווער עס
זאָגט אַפ אַן אַרבעטער, מוז אים א, לויט דעם
געזעץ״, רייד (ב,,א). —(יז)ירונג. ־אַציע

פֿארגיטיקרנג, אַנטשעדיקונג. אויך ־י􏰀י—
-
----􏰀
קאַציע.
אינדעמניטע'ט — די, ־ן. <איי <ל ←
ד􏰀וו. באלוינונג אָדער קאָמפּענסאַצוע
פֿאַרגי־ ,
טיקונג פֿאַר אַ געליטענעם היזק, פֿאַר
מאַטעריעלן אָדער מאָראַלישן שאָדן. א, פֿאַרן
באַעוולטן. א, פֿאַר דער עבֿודת־פּרך אין די
לאַגערן.
אינדע'סטוועגן, אין דע'סטוועגן — אַדוו.
פֿד. דזוו פֿונדעסטוועגן. ״עס מעג זײַן
פֿינצטער, טאַקע האַלבער צוויי, א, ד, וויבאַלד זיי
הערן דעם ערשטן קריי —... כאַפּט זיך
אריף פֿון זײַן געלעגער״, טעיאטאָר.
אינדעסן — אַדוו. 1. דערווײַל, ביני־לביני.
״גענוג געוואַרט, לאָמיר א, זיך נעמען צו אַ
ש􏰀יל״. ״אין דעשין דער ארמי חזיר הערט אין
היכשטר [= העכסטער] אַנגשט...,,, '
שילדבורגר זעלצאַמי ארנ, קורצווילִיגי גישיכטי',
[אַווע III]. ,,א, האָבן זיי זיך זייער ערקוויקט,
דען זיי האָבן שוין קיין כוח ניט געהאַט צו

גיין צו פֿוס", איין גאַנץ נײַע מע)ה ון איין
גראַף..., לעמבערג 1891. „מע ווייסט ניט וואָס
דער דאָקטער וועט זאָגן, א, מוז מען געהיט
זײַן". 2. פֿונדעסטוועגן. „א, באַווײַזן ייִדן
זייער אָפּט אַז עס קומט צו עפּעס ווי אַ מענטש
איז אין סכּנה, האַנדלט ער גלײַך עס וואָלט אים
אַליין אָנגעגאַנגען", קמ, 4 No '1866. "א,
געפֿינען מיר אין דעם באַוואוסטן ווערק... אַ
דאָקומענט...,,, ליטוו. „מ... יאָ, נו — זאָגט די
קאַץ — א, קומט דאָס ניט צו עסן,,, אשט,
משלים I.

אי'נדעסענד ע'נט — אַדי. <איי <ל. דזוו
אומאָפּהענגיק (←, 523). זעלבשטענדיק. וואָס
פֿאָלגט ניט, וואָס הערט זיך ניט צו צו קיין
עצה. א'ע מדינות. "וואָס ביסטו מיר געוואָרן
אַזוי א,? דערווײַל האַלט איך דיך אויס".
־ענס, ־ענץ — די. אומאָפּהענגיקייט.
זעלבשטענדיקייט.

אינדעקלינאַבל — אַדי. (גראַמ) וואָס בייגט
זיך ניט. א'ע הויפּטווערטער, נפֿ, ייִאַ, 1938, 5.

אינדעקס — דער, ־ן. <איי <ל. 'אָנווײַזער'.
[דערפֿון: א־פֿינגער = ווײַזפֿינגער.] 1.

מקומות, זוכצעטל; רשימה (פֿון נעמען פֿון מענטשן, געאָגראַפֿישע פּונקטן אע, פֿון ענינים, באַשטימטע זאַכן). קומט געוויינלעך אויסגעשטעלט אין סדר פֿון א״ב אָדער אַלפֿאַבעטיש, מיט אָנווײַזן וואו צו געפֿינען (אין בוך). באַקוועמער א'. (אום)פֿינקטלעכער א'. 2 רעגיסטער פֿרן זאַכן אין אַ קאָלעקציע. א, פֿון בילדער. ״אויב ליטעראַטור איז דער פּסיכישער א, פֿון לעבן... איז איר גרענעץ... דאָס אומניצלעכע״, קאַר 3 .I. (מאַט) מדרגה־ווײַזער אָדער וואָרצל־ווײַזער. 4. סיסטעם צאָלן וואָס באַצייכענען רעזולטאַטן פֿון אָבסערווירונגען, מעסטונגען פֿאָרשונגען. א, פֿון פֿײַכטקייט פֿון

אַטמאָספֿערישן דרוק. אינטעליגענץ־א'. א'־נ ו־מ ע ר וואָס ווײַזט אויפֿן שטײַגן פֿון די פּרײַזן (פֿון אַרבעטלאָזיקייט אאַ). א'־צ אָ ל ן אין סטאַטיסטישע טאַבעלעס. רעפֿראַקטיווער א, (פֿיזיק) — א, פֿון רעפֿראַקציע בײַם אַריבערגיין פֿון אַ שטראַל (אַ קלאַנג אאַ) פֿון איין סובסטאַנץ (פֿון איין מעדיום) אין אַ צווייטער. 5. צייכן אין דרוק פֿון אַ האַנט מיטן אויסגעשטרעקטן ווײַז[ינגער צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט צו

אַ באַשטימטער שטעל. 6. (טשערנאָוויץ)
רעגיסטער פֿון אַ סטודענט וואו עס ווערן
פֿאַרצייכנט אַלע לעקציעס וואָס ער האָט געהערט, מיט
די ארנטערשריפֿטן פֿון די פּראָפֿעסאָרן.
א, ליבראָרום פּראָהיביטאָרום — רשימה פֿון
ביכער פֿאַרווערטע פֿון דער קאַטוילישער קירך,

,

,1nde libro] m] rohibi orum. א,
עקספּורגאַטאָריוס — רשימה פֿון ביכער וואָס די
קירך דאַרף זיי 'אויסרייניקן', איידער מע מעג
זיי לייענען. 1nde rga orius.
אינדער — דער. מצ ווי אצ. איינוואוינער פֿון
אינדיע. הינדו. „שטייען בלינדע פֿאָר זיין תּהום,
וואָס דער א, רופֿט אים אָס, דער מקובל אַין
[אַ־יין],„ צייט, גל II.
אין דער אַדמה — ← אַדמה, 41.
אין דער איי'ל — אַדוו. אַרכ. אין איילעניש.
גיך, האַסטיק. טאָן עפּעס א, ד, א'. „אַלזו א,
די א, הגאון אָב״ד הנ״ל אונ, הקציני, פּרנסים
אויז דער שול גנגין,„ גה, ז, 333. „דער גאַשט
קאַן א, די א, ניקש זאָגן, פֿאַר הונגער גישוועלט
אים דר מאָגן,„ אַשכּנז.
אין־דער־אמת — אַדוו. אַלטע פֿאָרעם, זן.
אין לד ביז אין 20. י״ה. [פֿאַרגליווערונג פֿון

דער צײַט, ווען אמת האָט געהערט צום
ווײַבלעכן מין. אַזוי ווי אין אונדזער ייִדיש איז
ניט מיגלעך אַזאַ פֿאַרבינדונג ווי דער, דאַטיוו
ווײַבלעך, מיט אמת וואָס געהערט צום
מענלעכן מין, קומען דאָ צוויי מקפֿן.]   אויף אַן
אמת, באמת. „זיי זענען טאַקע א'־ד'־א, ערלעבע
לײַט און דערבײַ עשירים“, ריבֿ“ל, די ה□קר
וועלט, וואַרשע תּרס“ב, ז, 36.
אין־דער־אמתן — אַדוו [← דפֿוו. די
פֿאַרשפּרייטע פֿאָרעם. ־ן איז די אַלטע ענדונג פֿון
סובֿ, ווײַבלעך, דאַטיוו. די מקפֿן קומען אַרײַן,
ווײַל ניט מיגלעך אין אונדזער ייִדיש די
פֿאַרבינדונג דער & אמתן.] אויף אַן אמת. טאַקע
באמת. ווי עס איז אויף דער וואָר, אין תּוך.

אין דער גאַל אַרײַן

„א'־ד,־א, איז עס ניט קיין איבערזעצונג, נאָר
אַן איבעראַרבעטונג“. „דער פּראָצעס פֿון פֿוילן
איז... א'־ד'־א אַ פּראָצעס פֿון אָקסידירן„, ס.
,
פֿײַנסטאָון, כעמיע, נ“י 1920. „א,־ד'־א, איז דאָס
טאַקע גאַנצע צוויי שעה, אײַזערנע צוויי שעה„,
שע, 'דער גליקלעכסטער פֿון קאָדני'. “אויף זיך

דאָס שליחות גענומען... אָבער א׳־ד׳־א, האָבן
זיי דאָס געטאָן האַלבּ־פֿויל,,, נס... מאשבּער.
,,כּלומרשט טענהן זיי אַז די און די פֿרוי
געפֿעלט זיי ניט, אָבער א׳־ד׳־א, גייען זיי אויס
נאָך יענערס טריט,,, טמז, 4 1960 X.

--

אין דער אָסן — [דאָ און וויַטער איז די
באַצייכענונג אַדוו (וואָס באַשטייט פֿון דריַ טיילן:
אין ▯ דער ▯. סובּ אָדער סובּסטאַנטיווירטן
אַדי), און ניט אַדוו פֿראַזע אויפֿן סמך פֿון
באַטיַיט פֿון אינטאָנאַציע פֿון סינטאַקטישער

צעגלידערונג פֿון זאַץ, און ניט אויפֿן סמך פֿון
אויסלייג.] אַדוו. אָפֿענערהייט, פֿאַר אַלעמען
אין די אויגן. בּפֿרהסיא. א, ד, אָ, רייכערן אום
שבּת, טאָן אַן עבֿירה אע. "זיי גייען שוין א,
ד, אָ', מן־הסתּם וועלן זיי בּאַלד ווערן חתן־כּלה,,.
אין דער אַרבּעט — פֿראַזע. אין
פֿאַרשטעלטן לשון: *זיַין א, ד, אַ, = געפֿאָרשט
ווערן פֿון געריכט (פּאָליציי), אויך זיצן אין

תּפֿיסה. "אַז זיי זענען א, ד, אַ, און מע ברענט זייערע טריט, ווי קענען זיי אַוועקפֿאָרן?", בריוו.
ⓘ נעמען עמעצן א, ד, אַ, = א) אָפּלאַכן, חוזק מאַכן פֿון עמעצן; ב) אָנשלאָגן.
אין דער בלי'נד — אַדוו. בלינדערהייט, אין דער פֿינצטער. אומאינפֿאָרמירט. ווען מע קען ניט זען. טאָן עפּעס א, ד, ב'. אָננעמען אַ באַשלוס א, ד, ב'. „געבוירן דער וואונדער, געבוירן דאָס קינד אין הייליקע קראָפּעווע־גרוב, א, ד, ב,„, סוצ פֿעסטונג. *טאַפּן אַ וואַנט א, ד, ב'= פֿרוּוון דערגיין, טרעפֿן אָן שום יסוד פֿאַר דעם.
אין דער ברייט — אַדוו. 1. פֿאָ'פּערעק.
אין דער לענג צוויי מעטער און א, ד, ב, אַ האַלבער מעטער. אויספֿאָרן די וועלט אין דער לענג און א, ד, ב'. האָבן אַ שם ⓘון אַן ערלעכן מאַן אין דער גאַנצער סבֿיבֿה, אין דער לענג און א, ד, ב'. „דאָס מויל איז א, ד, ב, פֿון קאָפּ", דר, איסעל [בעל־מחשבֿות] איבז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924. „עס ציִען זיך אַוועק ווײַט אין דער לענג, א, ד, ב, פֿעלדער מיט אַלערליי תּבֿואות,„, ממוס, שלמה. *זיך לייגן אין דער לענג און א, ד, ב, = זיך זייער שטאַרק מיִען עפּעס צו דערגרייכן. 2. (וועגן אַ פּרײַז) בסך־הכּל, אַזוי פֿיל וויפֿל.... „מײַנע שטיוול

קאָסטן א, ד, בּ, אַכצן 'פֿייגל''', ז. מוירער, ז. .
נישט קיין ווּאוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911.

אינדערבּרייט יק — אַדי. פּפּ: ־עכיק. וואָס
איז אין דער בּרייט. נעמען פֿון די א'ע שײַטלעך
האָלץ. „ער טראָגט זיך אַרום מיט דער
קאָמישער א'ער נאָז" פֿלעכטן איטלעכן א'עכיקן
. „
פֿאָדעם", י. יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו
.1925

אין דער גאַל אַרײַן — אַדוו רא ע. אויף
צו־להכעיס, אָפּצוטאָן, צו פֿאַרשאַפֿן עגמת־נ ש.
ענטפֿערן יענעם א, ד, ג אַ'. רעד מיר ניט א, ד,
,

אין דער גי'ך

ג אַ,. „מיר האָבּן זיך אָפּגעשמועסט צו טאָן
,
דעם גרויסהאַלטער א, ד, ג, אַ',,..
אין דער גי'ך — אַדוו. דזוו אויף דער גי'ך,
← 424. אין אײַלעניש. „אַז מען ענטפֿערט א,
ד, ג, בּאַנאַרישט מען זיך,,, שוו. „מציל זײַן א,
ד, ג'", קה פֿיורדא 1743, כט/ד. "מע טאָר ניט

עסן א, ד, ג'... דאָס איז מנהג זולל־וסובֿא“,
סשי I, ז, 45. „האָט דער בעש“ט כלומרשט
אויסגעדאַוונט א, ד, ג, ווי אַ דאָרפֿסמאַן“, שבחי
בעל שם טובֿ, זשאָלקעוו תר„י. “טוט אַ הייסן
קוש זי א, ד, ג'„, ממוס, יודל. „יעדע נאַכט
מוז מען א, ד, ג'... אויסבויען צו די צוויי
נאָך פֿיר בעטן“, אַר, 'דער קוש'.
אינדערגיכן — [אויסגעלייגט אינאיינעם, ווײַל
אין אונדזער ייִדיש איז ניט מיגלעך די
פֿאַרבינדונג דער & גיכן, מעגלעך אויך צו ניצן
מקפֿן: אין־דער־גיכן. אַזוי אויך בײַ ד אַנדערע
אַדוו פֿון דעם שניט, אויף ־ן, וואָס איז דער
אַלטער דאַטיוו פֿון וואָרט] אַדוו. דזוו דפֿוו.
אין דער געשווי'נד — אַדוו. אוקר. פּד.
דזוו אויף דער געשווי'נד, . 424. גאָר גיך.
„אַ נאַרישער מענטש אָבער נאַשט עס אויף א,
ד, ג'„, מס, משלי תּקע“ד, כא, 20.
אין דער גריי'ט — אַדוו. גרייטערהייט,
צוגעגרייט גלײַך צו טאָן, צו רעאַגירן. שטיין
א, ד, ג, מיט ביקסן אין די הענט. שלאָפֿן
אָנגעטאָן, א, ד, ג, אַרויסצולויפֿן פֿון שטובֿ.

אין דער גרע'בֿ — אַדוו. אין דער דרי□ער
אויסמעסטונג נאָך לענג און בֿרייט. בֿרעטער
א, ד, ג, (פֿון) 2 צמ

אין דער האַ'נט — אַדוו. 1. געוויינטלעך
מיטן ווערבֿ ה אָ בֿ ן. בֿאַזיצנדיק. אין רשות.
אונטער דער מאַכט. האָבֿן א, ד, ה, צו טאָן
וואָס מע וויל. ,,וויא קאַן איך איין מלך זײַן,
שאול הוט מיך נוא א, דר הנט, איך מוז אום
קומן,,, סהמ, תּהלים, קטז, 11. 2. דזוו אין
האַנט אַרײַן □..

אין דער היי'ך — אַדוו. הויך, אויבֿן, אין
דער ריכטונג צו אויבֿן. אין ווערטיקאַלער ליניע.
,,אַז מע וואַקסט א, ד, ה, קומט ניט קיין לויבֿ,,;
,,דער ווינט איז אין דרויסן פֿליט מיסט א,

-

ד, ה, [= אין אומרואיקע צײַטן פֿאַרנעמען דעם
אויבֿנאָן די ערגסטע מענטשן], שוו. ,,אייניגר
גאָט, דו זיצסט א, דר היך...,,, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט תּק"ח, ו/א. ,,דער סדר איז פֿון
דעם ים דאָס זײַנע אינדן דערהייבֿן זיך א, ד,

ה'‘‘, ישעיה, פּירוש ע□ריי־טײַטש, לעמבּערג 1877. ‘‘שטייט ווי אַ גולם..., די בּאָרד און די נאָז אויפֿגעהויבּן א, ד, ה',,, ממוס, אַין אַ שטורס־צ□.ט.

אינדערהייכיק — אַדי. וואָס איז אין דער הייך. די א'ע פֿעלדזן פֿון בּאַרג.

אין דער היי'ם — אַדוו בּײַ זיך אין שטובּ. דאָרטן וואו עס איז די היים. אין דער אייגענער שטאָט. זיכער ווי בּײַ זיך א, ד, ה,. ,,אומעטום איז גוט, א, ד, ה, איז נאָך בּעסער‘‘; ,,אַ שידוך זאָל מען טאָן א, ד, ה', אַ גניבֿה — אין דער פֿרעמד,,; ,,בּעסער פֿריִער שטאַרבּן א, ד, ה,

1283

איידער שפּעטער (אויף דער עלטער) אין הקדש,,; ,,אַז מע גייט צווישן לײַט, ווייסט מען וואָס עס טוט זיך בּײַ זיך א, ד, ה□,,; ,,דער שענסטער כּבֿוד איז אַז מע זיצט א, ד, ה',,; ,,האַלט דיר דעם כּבֿוד און זיץ א, ד, ה',,, שוו. ,,זיך אויסלערנען [קאָכן] און ווען א, ד, ה, אַ בּעסערע קיך אײַנפֿירן‘‘, ג. י. ראַוויטש, דער גוואַלד ריס, ווילנע 1883. ,,'איוואַן פּאָפֿערילע, —

קיין אַנדער נאָמען האָב איך ניט געהאַט א, ד,
ה',,, שע, 'קדלת וקדשת'. [''אין דער היים דער
ליבער,, איז היים — סוב].
אינדערהיי'ם — אַדוו. מיט אַ געפֿיל אַזוי
ווי אין דער היים. גוט באַקאַנט. היימיש. ,,אַז
עס קומט צו יידישע געשיכטע איז ער א',,. ,,מיט
דעם פשוטן יידעלע זײַנען מיר שטענדיק א,'',
יעק סאָטמאַן, עבֿרי אָנכי, באַרדיטשעוו 1901.
''זיי זענען אַליין, די ליטווישע נשים מיין איך,
א, אין די טיפֿענישן פֿון איסור והיתר,,, ייט
טאָג, 1960 ll XI. *איז שוין א, = די סכנה איז
אַריבער. ,,אַז איך האָב געהערט ווי דער עדות
קעגן מיר פלאָנטערט זיך, האָב איך געוואוסט
אַז איך בין שוין א'''.
אינדערהיימ יק, ־יש — אַדי. וואָס איז
ווי אין דער היים. א'ע מענטשן. ־י(ש)קייט.
אין דער הי'ץ — אַדוו. ווען (וואו) עס איז
הייס. זײַן אין דרויסן א, ד, ה, אַ גאַנצן לאַנגן
זומערדיקן טאָג.
אין דער הע'לפֿט — אַדוו. (געשפּאָלטן,
צעשניטן) האַלב אויף האַלב, אויף צוויי טיילן.
פּונקט אין מיטן. צעשנײַדן א, ד, ה'. ,,צעטייל
שאָקאָלאַד א, ד, ה, און גיב ביידע קינדער,,.
,,לעבן אַן אַלטער... ווערבע, איבערגעשפּאָלטן

א, ד, ה, אַמאָל פֿון אַ דונער", ממוס, קליאַטשע.
אינדערוואָכן — אַדוו. אין אַ פּשוטן טאָג
פֿון דער וואָך, ניט שבת אָדער יום־טובֿ. אין די
זעקס טעג פֿון דער וואָך, חוץ שבת. „אַז מע
פֿאָרט אום שבת, זיצט מען א, אין דער היים„;
„אַז מע האַנדלט אום שבת גייט א, צוריק„;
„אַז מע קאָכט ניט א', האָט מען שבת ניט וואָס
צו עסן„; „א, האָט דער בעסטער קוגל ניט קיין
טעם". פֿון נויט טוט מען אָן דעם שבת א„„

„

שוו. „קרעפּלעך קאָכן א, און שבת עסן אַ
סקאָרינקע ברויט" פֿוול. "קישקע קאָכן א',

,

מיר אַ ברויט, דיר אַ טויט. מיר אַ וואָגן, דיך
באַגראָבן, מיר אַ שליטן, דיך באַשיטן (
פֿאַרשיטן)", קל. „נעמט צווייא גנצי ברוט אונ,
שנײַט זיא ניט אויף פֿאַר דער ברכה אַז מן
זונשׂט אין די וואַכן טוט„, ספֿר המנהגים, אַמשט
1723, ז/א. „אויף ייִן שׂרף וואָס מע טרינקט
א, אין מיטן עסן געהער מען אײַנטונקען אַ
שטיקל ברויט אין דעם ייִן שׂרף בכדי מע
זאָל נישט דאַרפֿן אַ ברכה צו מאַכן", שלחן
ערוך, ח"ב [זשאָלקעוו? אָנהייב 19. י"ה]. "מע
דאַרף זיך אָנטאָן תּענוג א, בײַם דאַוונען...

און אום שבת ויום־טובֿ אַפֿילו אין עניני מאכל ובגדים“, בן־ציון בר, יוס־יהודא מחערסאָן, צדה לדרך, פּיעטריקאָוו 1905.

אויך סובֿ — דער, ־ס. „עס ציט צום שבת א'“, מבֿאָ, דער גייער. „איך האָבֿ באַקומען מײַן

אינדערזײַטן

שבת [= די שבתדיקע בגדים] צוריק און מײַן א, האָט ער אָנגעטאָן“, יוסף ראָלניק, גש. „אַזאַ שבת־אויפֿגעראַמטקייט אין אַ מיטן א',„ יהואָש, 'דער ווײַסער טרעגער'.

אינדערוואָכנס — דזוו דפֿוו. אַרומגיין א, אין אַ פֿאַרלאַטעטער קאַפּאָטע. דער הערהאָזם פֿון דעם גרויען א,.

אין דער וואַ'רעם — אַדוו. וואו עס איז וואַרעם. זיצן א, ד, וו, און זיך דערציילן מעשׂיות.

אין דער ווײַ'ט — אַדוו. ווײַט, אין אַ ווײַטעניש. „דער שטורעם איז דערווײַל א, ד, וו', קען מען זיך צוגרייטן“. „ווען מען איז א, ד, וו, שעמט מען זיך ניט פֿאַר לײַט“, שוו.

אינדערווײַטן—[אויסגעלייגט אינאיינעם, ווײַל אין אונדזער ייִדיש איז ניט מיגלעך די

פֿאַרבינדונג דער & ווײַטן] אַדוו. דזוו דפֿוו. א, בליצט
עס שוין. דערזען עפֿעס שוין פֿון א,. ,,דאָרט א,
עפֿנט זיך דער הימל,,, לעאָ איבז פֿײַערבערג,

,

(לאָן) וואוהין.
אינדערווײַטנס — דזוו דפֿוו.
אין דערווײַ'ל — דזוו דערווײַל. אין
צווישנצײַט. "ער זאָרגט זיך נישט, בײַ אים איז אַלץ
א, ד',,, רייד (יאַס).
אין דער וועלט אַרײַן — אַדוו פֿראַזע.
סתּם אַזוי. אָן אַ סיבה. אָן אַ צוועק. רעדן גלאַט
אַזוי, (סתּם) א, ד, וו אַ,. "זי וויל ניט סתּם

,

א, ד, וו אַ אַרומגיין מיט אים, זי זוכט אַ

, ,

תּכלית,,. *זיך לאָזן א, ד, וו, אַ, = פֿאָרן אָן
אַ באַשטימטן ציל.
אין דערויף — אַדוו. לד. דזוו אין דרינען, ב1.
אין דער זיבעטער ריפּ — אַדוו פֿראַזע. אין
האַרצן. בכלל וואו עס טוט באַזונדער וויי, וואו
מע רירט אָן דאָס קראַנקע (געפֿערלעכע) אָרט.
אַרײַנזאָגן, אַרײַנשטעכן א, ד, ז, ר'. ,,עס וועט
אים פֿאַרגיין א, ד, ז, ר,, ער וועט האָבן צו

געדענקען,,. ,,דערלאַנגט אים אַ שטעכווערטל א,
ד, ז, ר"", באַש פֿאָר, 1968 IX 21. [<דאָס האַרץ

,

איז בײַ דער זיבעטער ריפּ.]
אין דער זײַ'ט — אַדוו. מן הצד. ניט אויפֿן
(הויפּט־)אָרט, נאָר אין אַ ווינקל, פֿאַררוקט. ניט
פֿון דעם געוויינלעכן פּרנסה־מקור. ,,אַלטע לײַט
זעצט מען א, ד, ז',,; ,,אַז מע זוכט א, ד, ז',
געפֿינט מען צו דער צײַט,,, שוו. ,,אַז זי האָט
זיך שוין מיט איטלעכן אָפּגעפּאַרטיקט און
דערזען א, ד, ז, אונדזערע בײדע פּאַרשוינען...",
ממוס, ווינטשפּ. "האָט אירע סטאַלע געסט...
פֿאַרדינט זיך א, ד, ז',,, ל. מלאך, אָפּפּאַל, וואַרשע
1922. ,,אַ לערער מוז צופֿאַרדינען א, ד, ז"",
רייד (נ,,י). [ניט צונויפֿמישן מיט: א, ד, ז, פֿון
קערפּער: ,,אַלע קהלשע לײַט אַ מכּה א, ד, ז',,,
שוו.]
אינדערזײַטן — [אינאײנעם ווײַל אין אונדזער
ייִדיש איז ניט מיגלעך די פֿאַרבינדונג דער &
זײַטן] אַדוו. דזוו אין דער זײַ'ט. ,,צעבייזערט
זיך אַ ייִד פֿון א', מיט בעלמע אויף אַן אויג...,,,
א. שומ אַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט.

,

אין דער ט▯נקל

אין דער טונקל — אַדוו. ווען עס איז טונקל. וואו עס איז טונקל. זיך קושן א, ד, ט'. מאַכן געשעפֿטן א, ד, ט'. מאַכן קונקל־מונקל א, ד, ט'.

אין דער טי'ף — אַדוו. גאָר אונטן, אין טיפֿעניש. ווען מע באַטראַכט עפּעס אַ סך טיפֿער, ניט בלויז אויבנאויף. זיך אַראָפּלאָזן א, ד, ט'. באַטראַכטן אַן ענין פֿון אַלע זײַטן און א, ד, ט'. „מטטרונס... איין־און־זעלביקייט איז אונטן, א, ד, ט'“, צײַט, גל III. „אַלע אינגעווייִדן מײַנע כליפֿען א, ד, ט',„ יעקבֿ פֿרידמאַן, נפֿילים.

אין דער טרוקן — אַדוו. טרוקענערהייט. אויף טרוקענע ערטער. אַריבערגיין א, ד, ט, איבער די שטיינער. “איר האָט ניט געאַרט, אַז זי זאָל זיך כאַפּן [דאָס ייִנגעלע] איבערוויקלען, ער זאָל ליגן א, ד, ט'“, ש. בעקערמאַן, דיא שלימזלניצ▯ן, אַדעס 1887.

אין דער יוגנט — אַדוו. אין די יונגע יאָרן. יונגערהייט פֿון אַ שיכּור א, ד, י, ווערט אַן אָרעמאַן אויף דער עלטער“, שוו.

אין דערי'ן — אדוו. לד. דזוו דערין. “א, ד, ליגט דאָך טאַקע דער סוד באַהאַלטן“.

אין דערינען — ← אין דרינען.

אין דער לאַנגער באַנק — אַדוו פּראַזע.
אויף אַ סך שפּעטער, אין אַן אומבאַשטימטער שפּעטערדיקער צײַט. פּאַרציִען, אַוועקלייגן א, ד, ל, בּ'. ,,מציל זײַן אין דר גיך, אובר ווען עשׂ אין איין לנגי באַנג קומט... קאַן מן ניט מציל זײַן'', קה פּיורדא 1743, כט/ד. ''די זאַך האָט

,

מען געשלעפּט א, ד, ל, ב, אַרײַן, ביז יענעם איז נמאס געוואָרן'', קמ, 1868, No 51. ,,האָט נישט געהאַלטן פּון אָפּלייגן זאַכן א, ד, ל, בּ',,, באַש ᠎אָר, 25 1960 III.

,

אין דער לו'פּט — אַדוו. וואָס עס איז העכער ווי אויף דער ערד. אויף אויבן. אין דעם גאַנצן אַרום. אין דער אומבאַשטימטער אַרומיקער סבֿיבֿה. אויסשיסן א, ד, ל'. ,,מע פּילט א, ד, ל, דעם פּרילינג שוין,,.. *א, ד, ל, שמעקט מיט פּולווער = אויך: עס איז אַ שטימונג ווי ערבֿ מלחמה פּריילעכע לידער האָבן זיך א,

. ,,

ד, ל, געהערט פּון אַלע זײַטן'', ספּ, יִדישער קאָלאָניסט. ,,ער בויט זײַנע שלעסער א, ד, ל',,.. ,,דער ווינט בלאָזט אונטער דעם שניי א, ד, ל'', ספּר ש᠎חי רמ''ל, לעמבערג, יאָר? ''איז דער

אַלטער געוואָרן אומרואיק און אַליין אויך אַ פּאָר מאָל זיך אײַנגעשמעקט א, ד, ל'“, ה. דאָבּין, צווישנ בּינשטאָקנ, מאָסקווע 1941. ,,הענגט די ש עה־שטימונג א, ד, ל, געדיכט“, אַל I, 'תּשעה בּאָבֿ'.

אינדערלופֿטיק — אַדי. וואָס איז אין דער לופּט. א'ע שלעסער. ,,אין שטעט א'ע וואוינט די נבֿואה“, סוצ, 'מעלה עקרבּים'.

אינדערלופּטן — [אויסגעלייגט אינאיינעם ווײַל אין אונדזער ייִדיש איז ניט מיגלעך די פּאַרבּינדונג דער & לופּטן] אַדוו. אַוועק אין אַ וועלט פּון חלומות, דמיונות. דזוו אין דער לופּט. [

דערבּ אַ קלאָרער אונטערשייד: מע פּליט אין דער
י
לופּט מיט אַ לופּטבּאַלאָן, מיט אַן עראָפּלאַן; מע קען פּליִען א, זיצנדיק בּײַ זיך אין שטובּ.]

פּאָ1234

כען מיט אַ שטעקן א'. בּלײַבּן הענגען א'. עס האַלט זיך ווי אַ בּנין א'. *שוועבּן ווי א'=א) זיך אַרומטראָגן מיט פּאַנטאַסטישע פּלענער; בּ) זײַן אין זייער אַ געהויבּענער שטימונג. ,,... שטײַגן אויף אין די זומערנעכט פּון נאַסע זומפּן און

אירן אום א'“, אמד, דער אידישער פּאָטלאַניק, ווילנע 1880. „אויף דער רײַזע א, פֿליִען מיר אַמאָל איבּער דעם טאָל פֿון די מילבּן“, ממוס, קליאַטשע.

אין דער ליכטיק — אַדווי וואו (ווען) עס איז ליכטיק. „לאָמיר זיך אַוועקזעצן א, ד, ל', וועט מען קענען לייענען“. „אַ בּלאָס שטיקל הימל... האָט געהאַלטן א, ד, ל, אַן עלנטע הויכע סאָסנע“, ה. אָרלאַנד, הרעבּליעס, כאַרקאָוו 1931.

אין דער לינקער פּאה — [פּייע] אַדוו פֿראַזע. מיט ווערבּן ה אָ בּ ן , ל י ג ן. ווען עס הייבּט ניט אָן צו אַרן, מע האָט עס אַפֿילו ניט אין זינען. פֿוסטע זאַכן וואָס קריכן אַ□ילו ניט א, ד, ל, פּ'. הערן עמעצן א, ד□ ל, פּ'. „איך האָבּ אים (אַפֿילו ניט) א, ד, ל, פּ',.. „מײַן געוועזענע כלה ליגט מיר אַפֿילו נישט א, ד, ל, פּ'“. [<פֿון דער בּאַוועגונג זיך צו קראַצן אַ פֿאה, ווען מען איז אין אַ פֿאַרלעגנהייט, י□].

אין דער לינקער פּיאַטע — אַדוו פֿראַזע. קומט נאָך די ווערבּן: ליגן, האָבּן. עס אַרט מיך ניט, עס מאַכט מיר ניט אויס, איך זאָרג זיך לחלוטין ניט וועגן דעם. „מע האָט אונדז אין

זינען געהאַט א, ד, ל, פ',,, שע, מע⃞יות פֿאַר
ייִדישע קינדער.
אין דער לע'נג — אַדוו. לויטן אויסמעסט
פֿון דער לענגערער ליניע. ← ציטאַטן בײַ אין
דער ברייט. ,,וואַקסן א, ד, ל, קאָסט קיין געלט
ניט,,, שוו [דאָס גיט שוין די נאַטור, אָבער אין
דער ברייט, דיק ווערן — קאָסט יאָ]. *
אויסמעסטן (אַן אָרט) א, ד, ל, און אין דער ברייט
= אַ סך אַרומגיין איבער די גאַסן, זיך גוט
באַקאָנען מיט אַן אָרט, אַ שטאָט, אַ געגנט.
,,האָבן מיר אויסגעמאָסטן וואַרשע א, ד, ל, און
אין דער ברייט", שע, אידישע שרײַבער פֿון
⃞ ,,
ביידע זײַטן וועבשטול קאַטשעלקעס. אויף איין
קאַטשעלקע לינקס זײַנען אײַנגעוויקלט די
אינדערלענג־פֿעדעם", ע. איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928.
אינדערלענג יק — אַדי. פּפֿ: ־עכיק. וואָס
איז אין דער לענג. די א'יקע פֿעדעם פֿון אַ
געוועב.
אין דער לע'ר — אַדוו. דזוו אויף דער לער,
← 425. אין פּראָצעס פֿון לערנען זיך (אַ
מלאָכה). ז ײַ ן א, ד, ל, = זײַן אַ לערנייִנגל.
אויך, ג י י ן א, ד, ל'. ,,יעקבֿ דינעזאָן איז
געגאַנגען א, ד, ל, בײַ מענדעלען", ימ, ייִשפּ

.X, 2)(י   I

אין דער מאַמען אַרײַן — פֿראַזע. אָנדײַט
אויפֿן וואול רוסישן זידלוואָרט. ,,עטלעכע מאָל
געמאַכט דעם נײַעם טאָג א, ד, מ, אַ',,, בערג,
בּ .ס דניעפּער I.
אינדערמאָרגן — דער, ־ס. נעאָל, לויט
אינדערפֿרי [נר ווײַל אין קיין סטאַדיע פֿון ייִדיש

אינדערנידער

האָט ניט געקאָנט זײַן אַ דאַטיוו־פֿאַרבּינדונג
דער & מאָרגן. ,,בּלויע א'ס,,, א. שומיאַטשער,
אין שעהען פֿון ליבּשאַפֿט].
אינדערמי'ט — [אויסגעלייגט ווי איין וואָרט,
ווײַל אין אונדזער ייִדיש איז ניטאָ קיין סובּ
אָדער אַדי 'מיט'] אַדוו. אין מיטן (מיט אַן
אָרט־ און צײַט־בּאַטײַט). צווישן אַ גרופּע.
אַרײַננעמען עמעצן א'. ״דער מהר״ל איז געבּאָרן
געווען אין שטאָט ווירמייזא, אין יאָר 5273,
פּסח בּײַנאַכט א, סדר״, מעע)ה פֿונעם מהר״ל
מפּראָג, יאָר? אָרט? ,,קוים לאָז ער עפֿענען
אַ מויל פֿאַלן זיי אים אַרײַן א, איטלעכער

-

,...

מיט זײַנס", ממוס, ווינטשפּ. "נאָר דאָס האַרץ
האָט אייבּיק, אייבּיק געצאַפּלט א'", פּרץ,
'ס'הערצל צאַפּלט'. "עס עפּנט דער פֿינצטערער
וואָלקן זיך שנעל, און טיף א'... באַווײַזט זיך
אַ ליכט אַזוי אומערדיש העל,,, אַל II, אין
אייבּיקן אייבּיק'.
אינדערמיטן — [אינאײינעם, ווײַל אין אונדזער
ייִדיש איז ניט מיגלעך די פֿאַרבּינדונג דער &
מיטן] אדוו. דזוו אינדערמיט. איבּעררײַסן
אַן אַרבּעט א'. ,,דער קאָזק גיוועזט דער חתן
און דיא בּתולה אין דר מיטן, גפֿירט צו דר
חופּה מיט טלית און קיטל אַז יודן זיטן", 'קינות
אויף כמעלניצקיס גזירות', פֿראָג 1648? [מוו,
בּילדער פֿון דער ייִד, ליט,־געשיכטע]. "איז ער
א, באַשאַפֿן געוואָרן צווישן דור המבּול און דור
ההפֿלגה", מחזור לראש השנה, סלאַוויטע 1832,
יג/ב. ,,... צעטיילט אויף דרײַ בּחינות: רעכטס
און לינקס און א'", תּניא, קל.
אין דער מיר — פֿראַזע. 1. אין דער (
באַוואוסטער) ישיבֿה פֿון שטעטל מ י ר.
געלערנט א, ד, מ'. 2. בּכלל אין שטעטל מיר.

,,בין איך געקומען צוריק א, ד, מ, און געפֿונען דאָרט אַ נײַע ביבליאָטעק“, יוסף ראָלניק, פּאַש, 18 ▯ 1952 II.

אין דער מעלה — [... מײַלע] אַדוו פּראַזע. לײַטיש, אָנשטענדיק. ,,אָבער כ'האָב געשוואוירן ... זיך צו האַלטן, ווי מע זאָגט, א, ד, מ',,, באַש ▯אָר, 13 1970 II.

,

אין דער נאַ'כט — אַדוו. בײַנאַכט, אין מיטן נאַכט. ,,דאשׂ איז גיוועזן אונ, גיפֿערדליך אום ה, אודר אום ו, אין דר נכט,,, ,שו“ת הרמ,,א', קראָקע 1640 [הש I]. “אום נײַן אודר צעהן אויערן [= אור, אַזייגער] א, ד, נ, הבן מיר דיא בשׂורה רעה טון הערין“, נײַ קלאָג ליד פֿון חורבן ק“ק וורמיי▯א, אַמשט 1723. ,,שפּעט א, ד, נ, איז בערל מיט דער משפּחה אַהיימגעגאַנגען“, אָפּא, 'חלומות,.

אין דער נאָ'(ע)נט — אַדוו. ווען ▯עס איז נאָענט, ניט ווײַט. דערקענען עמעצן נאָר א, ד, נ'. “אײַנגעהאַלטענער אָטעם א, ד, נאָענט, פֿאַרשטיקטער גערויש... ערגעץ ווײַט,,, אַקש, קינדער ▯ון איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928.

אינדערנידער — [אויסגעלייגט ווי איין וואָרט,

ווײַל אין אונדזער ייִדיש איז ניטאָ קיין סובֿ
אָדער אַדי 'נידער'] אדוו. וואו עס איז
נידעריק פֿאַלן, זינקען א, [אויך סאָצ אַל]. אויך
.
סובֿ: „עס זאָל דײַן ליד פֿאַר אָרעמע מיט מוט

אין דער נע'ץ

געפֿליגלט זײַן, און אַלע ברידער פֿון א,
דערהייבֿ ביז העכסטן שײַן“, אַר, 'דײַן ליד,. [ווען
מע שאַפֿט אַ נעאָל די נ י ד ע ר ווי אַ יפּוך
צו די ה יִ ך — קומט אין אַזאַ צוזאַמענהאַנג:
אין דער נידער. „וואָס ווייס די נידער ועגן
הייך? וואָס ווייס די הייך פֿון דעם וואָס אין
דער נידער?“, סוצ פֿעסטונג]

אין דער נע'ץ — אַדוו. וועו (וואו) ס'איז
נאַס. ליגן א, ד, נ'. בראָדזשען באָרוועסערהייט
א, ד, נ'.
אין דער ע'רד — אַדוו. אונטער דער
אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד פֿרגל אין דרערד.
.
„אָרעם און רײַך ליגן א, ד, ע,ביידע גלײַך„,

שוו. *שענערע לייגט מען א, ד, ע, (אַרײַן) = ער
זעט אויס זייער שלעכט. *לייגן ביסלעכווײַז א,
ד, ע, — פֿאַרשאַפֿן אַ סך צרות, בזיונות. קללה:

,,זאָלסט וואַקסן ווי אַ גרינע ציבעלע — מיטן
קאָפּ א, ד, ע, און מיט די פֿיס אַרויף,,.

-

אין דער סינצטער — אַדוו. ווען (וואו) עס
איז דער היפּוך פֿון ליכטיק. זיצן (ליגן,
אַרומגיין אאַזוו) א, ד, פֿ'. הערן געשרייען א, ד, פֿ'.
זוכן (טאַפּן, בלאָנדזשען אע) א, ד, פֿ,. ,,א, ד, פֿ,
זײַנען אַלע שעפּסן שוואַרץ און אַלע זיווגים
גלײַך,,, שוו. *טאַפּן א, ד, פֿ'=אויך:
אומאינפֿאָרמירט פּרווון עפּעס דערגיין. ,,איך בין היים
גנגן, דא פּלוני בײַא פֿלוני אונטר דר טיר
גישטאַנדן אין דר פֿינשׂט',,, 'שו,,ת הרמ,,א,,
קראָקע 1640 [הש I]. ,,די נאַכט פֿון שבת אָדער
די נאַכט וואָס געהער צו מיטוואָך טאָר מען
ניט טרינקען וואַסער א, ד, פֿ', אַפֿילו זיי זײַנען
איבערגעזײַט,,, דרך הישרים, [קעניגסבער]
1857. ,,אַ שאָד וואָס די שענסטע חלומות ווערן

אויסגעהלומט א, ד, פֿ'“, נאַד. „א, ד, פֿ, שענער,
בײַגזאַמער ביסטו„, זישע לאַנדוי.
אינדערפֿרי, — [אויסגעלייגט אינאײנעם, ווײַל
אַזוי בײַם גרעסטן רובֿ שרײַבערס, אַזוי אויך
לויט די רעזולטאַטן פֿון דער אַנקעטע פֿון גרויסן
ווב, 1959, ייִשפּ XIX, □] אַדוו. אין דער צײַט
פֿון סאַמע באַגינען ביזן מיטנטאָג. קומען צו
דער אַרבעט נײַן א„ אויפֿשטיין זומער זיבן און
ווינטער אַכט אַזייגער א„ וואַכן ביז א„ □'הייב
זיך אויף א', זאָג מודה אַני, מעלק אויס די קי
און שפּאַר זיך אַ ביסל צי'„, קל. „איך וואָלט
שוין גערן עס זאָל זײַן א', כ'זאָל מיך שטעלן
בײַ די פֿענצטער„; „אויף מאָרגן א', דער
פּאַסטעך בלאָזט זײַן האָרן; איך מיט דיר, מײַן
טײַער לעבן, אַנטלאָפֿן געוואָרן„, פֿל. „עסן נאָר
איין מאָל אין טאָג, פֿון א, ביז שלאָפֿן גיין“,
פֿוול. „דעם גוטן טאָג דערקענט מען פֿון א'“;
“אַז מע לאַכט א„ וויינט מען בײַנאַכט„, שוו.
„א, טאָר מען ניט גיין באָרוועס„, גלייבעכץ.
“יעדן טאָג א, מוז מען איבערזען די ציצית
אויב זיי זײַנען כשר“, חא, ז/ב. “מע זאָל נישט
איבערלאָזן פֿון קרבן פּסח ביז א'„, ספֿר מיגי
תּרגים„א, לאָדז, יאָר? “ערבֿ יום־כּיפּור א,
זאָלסטו נעמען אַ 'מענה־לשון, און זאָלסט גיין

אויפֿן פֿעלד,,, מסדר אגרת, תּקפֿ,,ה.
סובֿ. דער, ־ען. ,,דער חשוונדיקער א, איז אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זײַט", הר.

1285

,,די א'ען האָבן אויפֿגעגלעזערט מיט בלאָען שטילן פֿראָסט,,, נאַד. ,,מענטשן האָבן געיאָגט זיך, געאײַלט אין פֿריִען א,", רייזל זשיכלינסקי, שוו .גנדיקע טירן.

אינ ערפֿרי איק — אַדי. וואָס איז אינדערפֿרי. וואָס געהערט צום אינדערפֿרי. די ניגונים פֿון א'ן דאַוונען. די א'ע וואַך. ,,הודו נאַשפּיץ איז דער חסידישער נוסח פֿון א'ן דאַוונען". אויך: ־ע(נ)דיק — דאָס א'ע דאַוונען. קאָכן אויף אַ מאַשינקע די א'ע קאַווע.
אין דער פֿריי, — אַדוו. דזוו אויף דער פֿרײַ, .

← 426. לעבן א, ד, ,. ,,מיט אָפֿענע אויגן, פֿאַרוויגט אין אַ דרימל, שוועבֿ איך מיט זיי א, ד, פֿ'", דא, אַב הרחמים.
אין דער פֿרע'מד — אַדוו דאָרטן וואו מען איז פֿרעמד. היפּוך פֿון: אין דער היים. אַן

איינזאַמקייט ווי א, ד, פֿ'. שווער אויסצונעמען א,
ד, פֿ'. „ס'איז גלאַט גוט אַז מע האָט א, ד, פֿ,
אַ היימישן מענטשן„, ממוס, אין אַ שטורס־צײַט.
„אומעט א, ד, פֿ, איז שוואַרץ, קעלט איז קאַלט
אָן שיעור„, אַל II, 'פֿונדערווײַטנס'. אויר סוב
[איין וואָרט] — דער, ־ן. „אָט דער ווײַסער, אָט
דער שטילער א„, סעג, איצטער.
אין דער צײַ'ט — אַדוו. דזוו צו דער צײַ'ט.
אין דער ריכטיקער צײַט. האָבן אַ טבֿע צו טאָן
-

אַלץ א, ד, צ,. „ער זאָל עסן און שלאָפֿן א, ד, צ',
זיך נישט איבערהאַרעווען...„, חג, טמז, 1965
▯ .21 ניט פֿאַרבײַטן מיט אין דע'ר צײַט —
„אים באַלד געגעבן אַן אַנדער איבערבײַט וועש
מיט שטיוועלעך, זײַנע האָט מען אין דע'ר
צײַט אויסגעטריקנט„, שמעון וואָלצענאָק, ד.
געהיימע האָכצײַט, וואַרשע 1884.
אין דער קווע'ר — אַדוו. אין דער ליניע
פֿון איין ווינקל צום אַקעגנדיקן צווייטן. אויך:
אין אַלכסון. אונטערשטעלן אַ פֿוס א, ד, ק,.
„באַלד לויפֿט ער אַהין, באַלד אַהער, באַלד
גאָר גלײַך, באַלד א, ד, ק'„, ▯וט, משלים. „דער
מאָגנזאַק ליגט א, ד, ק„ פֿון לינקס צו רעכטס„,

מ. גאַטטליעב, זײַט געזונד III, וואַרשע 1904.
אין דער קלע'ם — אַדוו.
צונויפֿגעדריקטערהייט. אין אַ שווערן מצבֿ פֿאַרקלעמט.
,
„שווער זיך צו געבֿן אַן עצה ווען מען איז א,
ד, ק'“. „מע געפֿינט זיך א, ד, ק', איינגעפּרעסט
ווי הערינג אין אַ פֿאַס“, ממוס, 'שם און יפֿת'.
אין דער קע'לט — אַדוו. ווען (וואו) עס
איז קאַלט. זיצן (אַרומגיין) א, ד, ק'. „אַפֿילו
אַז דער מלך גישטאָרבֿן איז אונ, [יהויקים] האָט
זיך אום גוולגרט א, ד, ק, אונ, היץ טאָג אונ,
נכט“, סהמ, ירמיה, ככ, 10.
אין דער קרו'ם (קרי'ם) — אַדוו. לויט אַ
ליניע מיט אַ ווינקל אַן ערך פֿון 45 פֿון
האָריזאָנטאַלן אָדער ווערטיקאַלן פּערפּענדיקולאַר.
שנײַדן שטאָף א, ד, ק,. אַריבֿערגיין די גאַס
א, ד, ק,.
אין דער שטי'ל — אַדוו. שטילערהייט, אָן
שום טומל, מע זאָל ניט דערהערן, זיך ניט
דערוויסן. וויינען אין זיך, א, ד, ש, פֿירן
אונ.
טערהאַנדלונגען א, ד, ש,. „מע רעדט וועגן אַ

אין ר ו סן

שלעכטן ייִד א, ד, ש,, מע געדענקט דעם 'אַל תּגידו בֿגת'‘‘. ,,אָט די אומבּאַוואוסטע מענטשן טדען א, ד, ש, גרויסע זאַכן,,, ספּ, סודות. ,,אײַנגערוימט אין אויער א, ד, ש,, מיט שרעק‘‘, אַש, תּהילים־ייִד.

אין דער שפּי'ץ — אַדוו. בּראָש, אין אַן אָנפֿירנדיקער פּאָזיציע. ,,־—־. און ווער, מיינט איר, איז געשטאַנען א, ד, ש, פֿון די טומלערס? מײַן אייגענער זון!‘‘.

אין דער שתיקה — [שטיקע] אַדוו פֿראַזע. אין געהיים, בּאַהאַלטענערהייט. ‘‘ווען אַ מענטש אַן עבֿירה טוט א, ד, ש', דאָס עס קיינער געוואָר ווערט, און ער טוט ווידער תּשובֿה, איז עס פֿאַר גאָט אָנגענעם‘‘, ר, אָבֿרהם עפּשטיין, בּרך א▯רהם, לאַשטשעוו 1817.

אין דער תהילה — [... טכילע] אַדוו. אין אָנהייבֿ, לכּתּחילה. ,,א, ד, ת, האָט עס אויסגעזען גאַנץ אַנדערש‘‘. ,,דו האָסט זיך גאָר א, ד, תּ, ניט בּאַטראַכט וואָס דער סוף קאָן דערפֿון זײַן‘‘, וו. שפּיראָ, דער צבֿועק..., אַדעס 1896.

אינדפֿינפּלאַ'ן — דער, ־ען (־פּלענער). סאָוו. קירצונג פֿון: אינדוסטריעל־פֿינאַנציעלער פּלאַן, סאָוועטישער ווירטשאַפֿט־פּלאַן צו אַנטוויקלען

די עקאָנאָמיק פֿון לאַנד פֿאַרשטאַרקן זייער

,, .

אָנטייל אין דעם קאַמף פֿאַר דעם א'‟, ר.
מעשטשינסקי, פּיאָנער, מאָסקווע 1932.
אין דרויסן — אַדווו.   מחוץ דער שטוב. אין
דער וועלט אַרום. אַרויסגיין א, ד,, כאַפּן
פֿרישע לופֿט. ,,די גאָרע וועלט שטייט א, ד',,, פֿוול.
,,א, ד, איז אַ רעגן, א, ד, איז אַ שניי‟ פֿל.

,

,,אַז מע וויל אַרויסקוקן א, ד', דאַרף מען
אויסווישן די פֿענצטער,,, שוו [= אַז מע וויל
דערקענען מענטשן, דאַרף מען פֿריִער זיך
אָפּזאָגן פֿון פֿאָראורטיילן קעגן זיי]. ,,
געשמיסענער תּחת מיט די לאַנגע ברכות. וואָס איז
דיר אויסן? דער תּחת איז דיר א, ד'.
גוואַלד, גוואַלד, בּרעכט די הענט, דאָס
אונטערשטיבּעלע אָפּגעבּרענט,,, חדר־לידל. *
אַרויסשטעלן מיט די בּעבּעכעס א, ד, =
אַרויסוואַרפֿן אַ שכן פֿאַר ניט צאָלן דירה־געלט.
*בּלײַבּן א, ד, = ניט אַרײַנגענומען ווערן אין
אַ געשעפֿט, אַ חבֿרה אע. *ער זאָל (מעג) שוין
שלאָפֿן א, ד, = קללה: ער מעג שוין שטאַרבּן.
*גיין מיטן תּחת א, ד, = גראָבּ. גיין אין
צעריסענע בּגדים. ,,די חכמה זינגט אויס א, ד,,

זי לאָזט זיך הערן אין די גאַסן,,, מס, משלי תּקע,,ד, א, 20. ,,א, ד, זעט מען נישט קיין וועג, קיין שטעג. דער ווינט בּלאָזט אונטער דעם שניי“, ספֿר שבֿחי רמ,,ל, לעמכּערג, יאָר?
,,איטלעכעס מאָל ווען אין שטעטל טרעפֿט אַ חתונה, שיטן זיך אַלע אַרויס א, ד',,, בּערג דרויבּ. *(אַרויס)גיין א, ד, = גיין אויף נקיות.
,,די קראַנקע לאָזן... ניט אָפּ. מע בּעט טרינקען, מע וויל אָן אויפֿהער א, ד"“, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932.
סובּ — דער, ־ס. “דער גאַנצער אי נדרויסן האָט אַ פֿנים ווי אַ סאַרכמאַרעטע זאָגערין“, קמ,
-

47 1868, No. “דער גאַנצער א, פֿרייט זיך וואָס

אינדדי

מײַן בּרודער האָט חתונה,,, שע, מאָטל. ,,די מוצאי־שבּתדיקע א'ס,,, יִיט, טאָג, 6 1959 I.
אינדרי — די, ־ס. ווילדע חיה פֿון דער משפּחה מאַלפּעס פֿון מאַדאַגאַסקאַר. לעבּט אויף בּיימער און נערט זיך מיט פֿרוכטן (פֿאַרהייליקט בּײַ די אָרטיקע פֿרימיטיווע אײַנוואוינערס).

.1n(lri (▯ic▯hano▯us brevicau(laוI▯s)

אינדריאַפּטען זיך — אוטוו. ־טע זיך, זיך
אינדר אַפּטעט. בעס. קומען צו די כּוחות, זיך
י
געבעסערן אין געזונט. „ברעי האָמעליו (דו מענטש) האָסטו זיך אינדריאַפּטעט“.

אין דרײַ גאָרן (גאָרנס) — פּראַזע צום וואָרט נגיד (גבֿיר אע), ד„ה אַזאַ וואָס האָט אַ דרײַגאָרנדיק הויז [אַזוינס איז כּמעט ווי ניט געווען אין 19. י״ה]. „זײַן זיידע איז געווען אַן עושר א, ד, ג',.. „ווען ער זאָל אַפּילו זײַן אַ קבצן [איר באַנוץ] א, ד, ג', איז ער אויך אַזוי אָנגעזען בײַ אים [דעם בעל־טאַקסע] וו▯ די קאַליבּרע בײַם אָדלער„, ייִל, זב, דער קליינער כלבּוניק, אַדעס 1885.

אין דרײַען — אַדוו. 1. אין דרײַ חלקים, טיילן. אײַנטיילן די פּאָרציע א, ד'. *אײַנגעבויגן א, ד, = זייער נידעריק, ווי מע וואָלט זיך געהאַט צעטיילט אין דרײַ טיילן און צוויי טיילן אַראָפּגעבויגן. *אײַנבייגן זיך א, ד, = זיך שטאַרק דערנידעריקן. גיין אײַנגעבויגן א, ד, און שלעפּן אַ משׂא. זיך (אײַנ)בייגן א, ד, בײַם בעטן אַ הלוואָהלע. זיצן אײַנגעבויגן א, ד, און קלאַפּן טשוועקעלעך אין דער פּאָדעשווע. זיך

קאָרטשען א, ד, פֿון בויכווייטיק. "ייִדן, ווייַבער
און מיידלעך... איינגעהויקערט א, ד"‚ שע,
אָרעמע און פּריילעכע I. „דער פֿאַרהויקערטער,
א, ד, צונויפֿגעדרייטער, אין גלות
פֿאַרשקלאַפטער מהות מענטש", זשיט III , נ„י 1919.
2. זאַלבעדריט. דרײַ אירע. „זי מיט דעם מאַן,
מיט דעם קינד, שפּאַצירן זיך אַרום אויף דער
גאַס א, ד", ממוס, קליאַטשע. 3. ← אין
דרײַ גאָרן. „,... מויערט זיך א, ד„ אַ גרעסערער
מויער ווי געווען,„, בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די
שווערע צ.ט י, וואַרשע 1887. 4. דרײַ מאָל אַזוי
פֿיל. „די מאַמע לײַדט א, ד'. פֿאַר איר מאַן,
.
איר טאָכטער און פֿאַר זיך".
אין דרינען — אַדוו. 1. אין דעם ענין (עסק)
וואָס איז פֿריִער שוין געווען דערמאָנט. זײַן
פֿאַרטאָן א, ד, מיט לייַב און לעבן. „דער
איידעם איז פֿאַרנומען און קען גאָרניט טאָן א, ד,
[בײַם העלפֿן האָדעווען דעם צווילינ]„. 2.
דערווײַל, אין משך פֿון דעם צײַטאָפּשניט. „ער איז
אַוועק קיין אַמעריקע. א, ד, זײַנען אַוועק
עטלעכע יאָר....„
אין דרערד — אַדוו. דזוו אין דער ערד ←.

אָפּט אין קללות: גיי א, ד'; ליג זיבּן קלאַפּטער (דרײַ פּיר קלאַפּטער פּיר איילן אע) א, ד'.

מיטן קאָפּ (מיט אַלע אבֿרים אע) א, ד'! גיי א, ד אַרײַן! „רבּונו־של־עולם, איך האָבּ דען צו

דיר? איך ווינטש דיר פּיר איילן א, ד, — און גענוג!“ [פּיר איילן פּאַר אַ קבֿר]. „אוי, קאָלומבּוס, אײַנליגן א, ד, זאָל ער ניט קענען!„ — בײַם בּאַקלאָגן זיך אויף אַמעריקע.

128

ה אָ בּ ן (נײַן איילן) א, ד, = (אומאיידל) זיך לחלוטין ניט רעכענען מיט עמעצן. *ט ו י ג ן א, ד, = צו קיין זאַך ניט טויגן, לחלוטין ניט טויגן. „אַז דײַנע הענט טויגן א, ד, פון דיר

וועט שוין קיין בּעל־מלאָכה ניט ווערן„. *ל יג ן (מיט די בּיינער) א, ד, = זײַן אויף גרויסע צרות. „אַז מען איז צו קלוג, ליגט מען גאָר א, ד'“, שוו. *ל י י ג ן א, ד, = אָנטאָן צרות, דערנידעריקן, טרײַבּן צום טויט. „אוי, אַ ווײַבּעלע, לייגט זי דעם מאַן א, ד'„. „ווער סע

קען נאָר לייגט דעם ייִדן א, ד, (אַרײַן),,, שוו.
*ס'איז א, ד אַרײַן — פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. "וואו

—

זײַנען די שפּאַקולן? עפּעס גאָר (ווי) א, ד,
אַרײַן". *א, ד, מיט די פֿאַנטאָפֿליעס (
שטעקשיך, שלורעס אע) = ס איז ביטער, מען איז
אויף צרות, מע ליגט א, ד'. *זײַן א, ד, אויפֿן
דעק = זײַן ערגעץ אין אַ העק. אויך זײַן אין
אַ באַהעלטעניש. ,,מע שיפּלט לענג־אויס מיטן
פּריפּעט אַוועק אַמאָל אַ מעת־לעת אָדער מער
צו פֿאַרבלײַבן, ווי זאָגט מען אין שטעטל, א,
ד'...,,, א. רייזמאַן, ייִד, שריפֿטן, וואַרשע
.No ,19(2 10
אינהאַבער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. דטשמ. נר.
בעל־הבית, אייגנטימער. דער א, פֿון געשעפֿט.
אינהאַל אַציע — די, ־ס. <איי <ל.
פּראָצעס פֿון אינהאַלירן, אײַנעטעמען, ספּעצ דעם
דאַמף פֿון אַ פֿליסיקער מעדיצין, וואַסער מיט
אַ צומיש פֿון אַ היילמיטל [הרבֿ נתנאל הכּהן
פֿריער, שו"ת פּני מ ין, מונקאַטש 1913, פּסקנט
אַז ס'איז מותּר צו מאַכן אַן א, אום שבת]. אויך
א, פֿון רויך פֿ ן אַ גיפֿטיקן גאַז. ־אַטאָר —

,

אַפּאַראַט צו מאַכן אַן אינהאַלאַציע. „צום בעסטן איז צו לאָזן פּאַרע דורך אַ ספּעציעלן א',,, פּגעז, ווילנע 22 1928, No ־אַטאָריום —

.

אַ קאַבינעט מיט אַ הייל־אינהאַלאַטאָר. טאָז, 15 1928 II. ־ירונג. ־ירן — טרוו.

אין האַ'לבּ — אַדוו. 1. דזוו אויף העלפֿט. צעטיילן א, ה'. *האַלבּ א, ה, = פּונקט אויף צוויי גלײַכע טיילן. 2. אַרכ. אין מיטן, אין העלפֿט. „ירמיהו הנבֿ א האָט גזאגט (עושׂה עושר בלא משפּט [אין טעקסט יז, 11: 'ולא במשפּט'] בּחצי ימיו יעזבֿנו). דז איז טײַטש: ער טוט רײַכטום אַן גריבט, אין הלבּ זײַנר טעג ער ווערט יר לושׂן", בּראַנט, פּרק מח. „דער דא אײַן זאַמלט איין רײַכטום צו און רעכטן, א, ה, זײַן טאָגן ווערט ער דיא רײַכטים פֿר לאָזן...", עפּש, דרך הישר לעולס הבא, פֿפֿדמ תּמ"ה?, עה/ב.

אין האַלדז אַרײַן — מיט ווערבֿן ג י ס ן , ש ט אָ פּ ן , ש ט ו פּ ן אע — בּ. פֿרעסן,

זוי

פֿן, בּכלל זיך נאָכגעבֿן כּלערליי ווערעכצער בּײַם עסן און טרינקען.

אינהאַלט—דער, ־ן. Mhd: in. 1־]lt. דאָס
וואָס איז אינעווייניק. דאָס וואָס איז אין אַ כּלי.
קוואַנטום, קוואַנטיטעט. „ס'איז אַ שיין בוך מיט
אַ שוואַכן א'“. „וויפֿל איז דער א, פֿון עמער?“
„דאָס גלעזל זעט אויס ווי פֿאַר אַ גרויסער
פּאָרציע, אָבער דער א, איז אַ קליינער“.
2. באַשטאַנד. קאָמפּאָנענט און סכום

קאָמפּאָאינהאַלט

נענטן. פֿאַרגרעסערן דעם א, פֿון אײַזן אין דער
דיִעטע אַ נישטיקער א, פֿון גאָלד אין דער
גאָלדענער קייט. „ווישן שאַפֿט ביקומן פֿון דיא
נקודות אונ, כּללים ועלכי ניטיג זײַן צו ווישן
וואז דער אינהלט פֿון דיזן א„ב איזט“, אן
יtראל, מעץ 1766, ב/א. „נאָר איין מעטאַל —
אַלומיניום — שטײַגט איבער דעם פּראָצענט־א
פֿון אײַזן אין דער ערד־שאָלעכץ“, י. זשיוו,
אויצרעס פֿון דער ערד, מאָסקווע 1927. „ווען
דער אַלגעמיינער מצבֿ פֿון די טובערקולאָזע
קראַנקע פֿאַרבעסערט זיך, דערגייט דער א, פֿון
אורן־זײַערס אין בלוט צו דער נאָרמע,', טאָז,
25 XII 1928. א סאַרצייכעניש.

--,

3. דאָס וואָס מע קען בקיצור איבערגעבן מיט רייד. סוזשעט פּאַבולע, סיפּור־המעשׂה,

,

תּוך־המעשׂה. דער א, פון אַרטיקל, פון דער רעדע פון דער דראַמע אאַזוו. אַ וואָדעוויל אָן

,

אַן א'. אַ אָעמע מיט אַ פּאַרכאַפּנדיקן א,. ,,דען אין האַלט מן הכּתבים הנ,, ... ניט גלייאט

האבן'', כ,,י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. ,,איז מיר צו גשיקט וואַרדין פון קיסר יר,,ה איין פּסק מיט דיזן אין האַלט...,,, כ''י ,מגלת איבה', 1703. ,,דען אין האַלט פון דעם גישריפט [פּתשגן הכתב] פון דער מאַנדאַט דשׂ דא איז ווארדן אַן גישלאגן אין שולן'', צאינה, תּרגום שני. ,,מן מוז צו ווישן טאָן בייא איטליכן

(ספר) דעם אין האַלט פון וואשׂ דשׂ (ס ר) אין זיך האָט,,, יוסיפון, אַמשט 1743, הקדמה. ,,דער בריוו האָט אים דערשיטערט נישט אַזוי וויט מיט זיין א, ווי מיט די קענטיקע צייכנס פון עלטער... אין דער האַנטשריפט'', נאָמ, 'דאָס רבישע אייניקל'.

4. דאָס וואָס איז דער היפּוך צו דער
דרויסנדיקער פֿאָרעם. א, און פֿאָרעם פֿון אַ
קינסטלעריש ווערק. ,,א, איז סתּם, פֿאָרעם איז
שטאַם,,, לאָזונג פֿון אַ צאָל מאָדערניסטן אין
ייִד, פּאָעזיע אָנהייב 20ער יאָרן 20. י,,ה.
אַרײַנגיסן דעם א, אין אַ שיינער פֿאָרעם. שאַפֿן נײַס
סײַ לויטן א', סײַ לויט דער פֿאָרעם. ,,מיר זאָלן
זיך אינטערעסירן שוין מער מיט זײַן קונסט
צו שרײַבן, מיס זײַן אויסדרוקס־פֿעאיקייט ווי
מיט דעם א,“, שנ, לעזער דיכטער, קריטיקער I.
5. אידיי אָדער סכום אידייען. זינען, ציל,
תּמצית, תּוך. האָבן (זוכן, געפֿינען) אַן א, אין
לעבן. טיפֿער, וויכטיקער אַזוו א'.
מעטאַפֿיזישער א'. ,,(בּני ישׂראל)... זאָלן... ווישׂן וויא
אַלי מצות גישעהן מוזן אונ, וואשׂ דער אינהלט
דר פֿון איז“, מהמ, א/ב. ,,ר, מענדעלע האָט
געזען ווי דאָס חסידות ווערט אויסגעוועפּט,
נישטאָ מער קיין א', קיין תּוך,,, אָפּאַ, אין
פּוילישע וועלדער. ,,אַלץ בּעסער האָט ער זיך
געפֿילט, אַלץ מער א, האָט געהאַט זײַן לעבן,
אַלץ פֿולער זענען געווען זײַנע שעהן,,, ייִז,
שטאָל און אײַזן. ,,נעמען אַ שטעלונג צום
אמונה־א, פֿון ייִדישקייט,,, צײַט, טמז, 6XI 1964.
6. פֿטמ. דזוו פּאַסירונגען אין לעבן,

לעבנסגעשיבטע. „איך דערצייל איר מײַן א, און זי באַקומט מיר זייער ליב„„ טויזנט און איין טאָג, ווילנע 1878.

אינהאַלטונג

אינהאַלטונג — ד ־ען. אַרכ. דזוו אינהאַלט.
„דער קלוגר מאַן פֿאָרשט נאָך גאַר פֿיל זאַכן דז אירי פֿיל אין האַלטונג קיין פֿרשטונג האבּן“, בּע, ג/א.
אי'נהאַלטיק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט אַן אינהאַלט. וואָס איז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אינהאַלט. שרײַבּן א, אָדער פּוסט. „אין טראַכטן אויף דער וואָר מוז די אָנצוהערעניש זײַן גרינג צו פֿאַרשטיין און דער בּמקום מוז האָבּן אַן א'ע שײַכות צו זײַן עצם“, מוו איבּז, אַר .נפּיר אין פּסיכאָאַנאַליז. ־יקייט, סטוטש.
אינהאַלטלאָז — אַדי. דטשמ. אויך: אינהאַלטסלאָז, נר. וואָס איז אָן אַן אינהאַלט. א'ע רייד. ־(י)קייט.
אינהאַלטלעך — אַדי. וואָס איז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אינהאַלט. “דער א'ער, דער שׂכלדיקער אונטערשייד צווישן סוביעקט און אָבּיעקט איז זייער קאָנטיק“, ימ, ייִשפּ I, 5.
־קייט — „די פֿולע א, פֿון די פֿאָלקסלידער„„

ל□], טמז, 24 □ 1957 III.

אינהאַלטפֿול — אַדי. אויך:
אינהאַלטספֿול, נר. וואָס איז פֿול מיט אינהאַלט. וואָס
האָט אין זיך אַ סך אינהאַלט. א'ע דעבאַטע.
□אָלקיזם איז א'ער איידער נאַציאָנאָליזם און

„מער איידער דעמאָקראַטיזם“, ים, נײַס, קאָוונע
□192.

אינהאַלטרײַך — אַדי. אויך:
אינהאַלטסרײַך, נר. וואָס איז רײַך מיט אינהאַלט.
וואָס האָט אין זיך אַ ווערטיקן אינהאַלט. „פֿון
אַלע שטאַנדפּונקטן אינטערעסאַנט און א'„ שנ,
לעזער, דיכטער, קריטיקער II. „די בעסטע
קאַסע־פּיעסע איז די וועלכע איז געזונט, פֿריש,
א'“, ב. אַרשאַנסקי, טעאַטער שלאַכטן, מאָסקווע
1931.

אין האַנט אַרײַן — מיטן ווערב ג ע ב ן ,
אויך ווענן שוחד. געבן דעם קנעפל א, ה, אַ,.

אין האָר — אַרכ. פֿאַר: אין די אייגענע האָר,
אָן אַ הויב, אַ טיכל אויפֿן קאָפּ אע. „האָט ער
זיא גיזעהן שטין אין הארין אונ, האָט זיך
גישעמט הנין צו גין“, בראַנט, פּרק ח.

אינהאַרמאָניש — אַדי. דזוו אומהאַרמאָניש

←, 575. ־קייט.

אין הבּור מתמלא מהוליתו — [איין

האַבּויר מיסמאַלע מייכוליאָסו] זאַץ. תּח. <

בּרכות, ג/ב; נט/א. אַ גרוב קען ניט אָנגעפֿילט

,

ווערן מיטן זאַמד וואָס מע גראָבּט אויס פֿון

איר'. "אַוודאי גיט מען צדקה, אָבּער מיר קענען

ניט אויסהאַלטן אונדזערע אָרעמע לײַט, א, ה,

מ, מ,". „אויב דאָס שפּריכוואָרט א, ה, מ, מ'...

האָט אַ זינען, איז עס זיכער גילטיק בּנוֹגע אַן

אוניווערסיטעט [וואָס מוז] בּאַקומען...

טאַלאַנטפֿולע וויסנשאַפֿטלײַט פֿון דרויסן„, איק,

5 19 14.

אין הבּרכה מצויה — [... האַבּראָכע

מעצויאָ] זאַץ. תּח. <בּא מציעא, מב/א; תּענית,

ה/ב. [צווייטע העלפֿט: 'אלא בּדבֿר הסמוי מן

העין'.] 'די בּרכה געפֿינט זיך נאָר אין אַ אַך

וואָס איז בּאַהאַלטן פֿון אויג'. געניצט מיטן בּ:

בּנוֹגע פּערזענלעכע ענינים און אויך בּײַם

אָפּשליסן אַן אָפּמאַך, בּײַ אַ געשעפֿט צווישן

עטלעכע מענטשן דאַרף מען זיך היטן פֿאַר
זײַטיקע. [מע האָט אין דעם זאָג געפֿונען אויך
אַן אָנשפּאַר פֿאַרן גלייכבעניש אין אַן עין־הרע.]
מע ניצט א, ה, מ', מע לייגט צו א ל א און
מע שאַ▯ט אייגענע פֿאַרבינדונגען, למשל: „א,
ה, מ, אלא אין אַ פֿול טישקעסטל (מיט געלט)‚„
„א, ה, מ, אלא אין פֿולע אײַטערס (מיט מילך)“.
אינה דומה שמיעה לראיה — [איינאָ
דוימאָ(־ע) שמיאָ(ע) ליריִאָ (לעריִע)] זאַץ. תּח.
<כלי יקר, שמות, כ, 16. פֿפֿ: א, ד, ראַיה
לשמיעה. 'ס'איז ניט גלײַך הערן (צו) מיט
זען‚. „כ'האָב געזען — איז אַן עדות, כ'האָב
געהערט — איז ניט קיין עדות“, שו▯ ▯ר▯ל:
▯
„איין אויג איז בעסער (מער באַגליי▯.ט) ווי
צוויי אויערן“. „דאָס ווייסט יעדע▯י אַז א, ד,
ראַיה לש▯ויעה„, ייִפֿאָל, 15 1882, No. “▯אַראָן
אַ פֿאַרצײַטיק וואָרט: א, ד, ר, ל, — ה▯רן איז
ניט זען“, טמז 24 1965 IX.
אין הדעת סובֿלתו — [איין האַדאַאַס
סויוואַלטוי] זאַץ. תּח. <פסחים, קיג/ב; רשי,
במדבר, כא, 4. 'דער שׂכל פֿאַרטראָגט עס
ניט„ עס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל. „ס'איז אַ

קרומע סבֿרה, א, ה, ס"".

אין ההוטא נשׂכּר — [... האַכויטע ניסקאָר] זאַץ. תּח. <שבֿיעית, ט, ט. 'דער זינדיקער זאָל ניט ווערן בּאַלוינט', ד,,ה אַ בּעל־עבֿירה דאַרף ווערן בּאַשטראָפֿט, מע דאַרף אָנלערנען דעם פֿאַרבּרעכער.

אינהיבּי צִיע — די, ס. <איי <ל. 1. פֿאַרווער, ספּעצ פֿאַרבּאָט לויט אַ בּאַשלוס פֿונעם געריכט. אַרויפֿלייגן אַן א, אויפֿן פֿאַרקויף פֿון שאַרפֿע משקאָות. 2. (מעדיצין) אָפּשטעל אין פֿונקציאָנירן פֿון אַן אבֿר אָדער אַ טייל פֿונעם אָרגאַניזם. 3. פּסיכישער אָפּהאַלט. גײַסטיקע, מאָראַלישע שטערונג עפּעס צו טאָן. זיך אויסלאַכן פֿון מאָראַלישע א'ס. ,,מײַנע עטלעכע טעזיסן קענען לײַכט מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון א'ס פֿאַרן סאָצ אַליזם איידער פֿון אַ פּאָזיטיווער

י

-

סאָציאַליסטישער פּראָגראַם,,, גרינ, מענטשן און ווערטן. ,,געקוקט אויף מיר מיט... שפּאָט, אָשטייגער ווי זי וואָלט... דערקאָנט אַלע מײַנע קינדערשע א'ס,,, בּאַש פֿאָר, 23 IX 1967.

־טי'וו — אַדי. וואָס האָט אין זיך אַן
אינהיביציע. א'ער פֿאַרקויף פֿון משקאָות. די א'ע
לאתעשׂה'ס וואָס האָבן אונדז מענטשלעך דערהויבן.
אין היטל און אין קיטל — מיט די ווערבן:
אָ פּ נ אַ ר ן , אָ נ פֿ ײַ פֿ ן אע. אינגאַנצן, פֿון
קאָפּ ביז די פֿיס. "ער האָט אים אָנגעשווינדלט
א, ה, א, א, ק',,.
אין הינטן — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. פֿון הינטן.
,,זא שלאָג איך זיא צו שטויקן און, יאָג אין
הינטן נאָך", שמואל־בוך, סטראָפֿע 1725.
אין הכי נמי — [אין (אויך: איין) האָכע נאַמע]
זאַץ. תּח. <סוטה, מה/א; חגיגה, ד/א אאַ.
'יאָ, ס'איז טאַקע (אויך) אַזוי'. געניצט בײַ אַ
וויכּוח אָדער סתּם אַ שמועס מיטן ב: ס'איז

אין הענדן

ריכטיק, ס'איז טאַקע ווי דו זאָגסט. ווי אַן
אַרײַנפֿיר צו אַ צוגאָב פֿון נאָך אַ פֿונקט. ,,א,
ה, נ', אָ ב ע ר (דו האָסט פֿאַרגעסן... מע
דאַרף מאַכן אַ חילוק... אע),,. ,,א, ה, נ',
ביסט טאַקע גערעכט, אָבער ס'איז פֿאַראַן
אַ חילוק צווישן אונדז,,. ,,א, ה, נ, — דײַן

טענה איז אַ טענה, נאָר שמיץ קומט דיר,,,
ווערטל.
אין המצוה נקראת אלא על שם
הגומרה — [איין האַמיצווע ניקרייס עלאָ אַל שעם
(שיים) האַגוימראָ] זאַץ. תּח. פּפֿ בײַם
ניטפּינקטלעכן ציטירן:... אלא על מי
שגמרה. >לויט רשי, דבָרים ח, 1. 'די מצווה
ווערט אָנגערופֿן נאָר אויפֿן נאָמען פֿון דעם
וואָס האָט זי פֿאַרענדיקט (דורכגעפֿירט), [דאָס
לערנט מען אויך אַרויס פֿון די פּסוקים שמות,
יג, 19, און יהושע, כד, 2□].
אינה מקודשת — [איינאָ מעקודעשעס]
פּראַזע. תּח. >קידושין, ב, ד. אאַ. ["אַז איינער
זאָגט צו זײַן שליח: גיי און זײַ פֿאַר מיר מקדש
□ענע פֿרוי אין יענעם אָרט, און ער... האָט זי
מקדש ג□ווען אין אַן אַנדער אָרט — איז זי ניט
מקודש,,, פּיע□ו. ד,,ה זי ווערט דורכדעם ניט
□ײַן ווײַב□] געניצט ערנסט און שפּאַסיק
אויסצודריקן גלײַכגילטיקייט, ניט־
פֿאַראינטערעסירטק□□ט, □ז עס אַרט ניט דעם ריידער.
,,נו, מילא,
איז א, מ, — בין איך ניט געוואָרן קיין גבאי";
,,איז קיילע (יאָכע) ניט קיין כלה, איז א, מ'";

,,געשעפֿט איז אויס געשעפֿט, איז א, מ',,.
,,ממה־נפֿשך, ווער עס גיין — ווער עס גיין,
אלא ניט — איז א, מ',,, שע, מנחם־מענדל. ,,א,
מ, — איז איינע מיט די קנישעס" [פּונקט ווי
'איינע, וואָלט געוועזן אַ וונ און ,מיט די
קנישעס, קלינגט ווי מקודשת].
אין המקרא הזה אומר (אלא) דרשני —
[איין האַמיקראָ האַזע אוימער עלאָ דאַרשייני]
זאַץ. תּח. <רשי, בּראשית, א, 1. דער אָ
פּסוק (דער ערשטער פֿון דער תּורה) זאָגט:
דרשן מיך פֿאַרטײַטש מיך: געניצט מיט בּב:
,
א) ס'איז אַ שווערער ענין, מע דאַרף זיך גוט
אַרײַנטראַכטן אין דעם; בּ) על־פּי פּשט איז עס
קשה, מע מוז אָנקומען צו דרש. ,,א, ה, ה, א,
ד, — דער פּסוק בעט זיך נעבעך: דרשע מיך,,,
דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881.
אין הנ(י)דון דומה לראַיה — [... האַנידן
(האַנאָדן) דוימע לעראַיע] זאַץ. תּח. <פּסחים,
טו/א. 'דער ענין (וואָס מע באַטראַכט) איז
ניט ענלעך אויף אַ ראַיה'. געניצט מיטן בּ:
דײַנע רייד זײַנען ניט שייך צום ענין; דאָ איז
קיין אַנאַלאָגיע, קיין בּאַווײַז ניטאָ▯ ענלעך צו:
איינס מיטן דריטן איז ניט קיין מחותּן.

א□ינוקות של □ית־רבּן
— [... מיסקאַיעם
העולם מת ייִם אלא בּשבַֿיל הבַֿל

עלאָ בּישוויל העוועל טינויקעס שעל בּייסראַבּאָן]
זאַץ. תּח. <שבּת, קיט/ב. די וועלט האָט אַ
קיום נאָר אין זכות פֿון די קינדער וואָס
לערנען תּוֹרה.
אין הענדן — מיט ווערבּן: ה אָ בּ ן, בּ אַ ק ו ־
מ ע ן , ז ײַ ן. אַרכ. דזוו אין האַנט, אין

אין הפּה יכול לדבּר

רשות. „ווער אין הענדין האָט מהנ„ל [פֿון
צוגעגנבֿעטע אָדער אַרויסגענאַרטע זאַכן]...
המעט הוא ואם רבֿ... זאָל אַך קומן תּוך מעת
לעת אונד לפּרנס החודש אַן זאגין“, 'פֿנקס
קהלת אה„ו', כּרוז לג, תּפּ“ד [ייִבֿל XXXIII].
אין הסה יכול לדבּר — [איין האַפּע יאָכויל
ליידאַבּייר] זאַץ. תּח. <לויט קהלת, א, 8. 'דאָס
מויל קאָן עס ניט אַרויסרעדן'. סך־הכּלדיקער
אויסדרוק וועגן אַ געשעעניש וואָס רופֿט אַרויס
התפּעלות אָדער שרעק, שוידער. „וואָס קאָן
איך אײַך דערציילן וועגן די

קאָנצענטראַציעלאַגערן? א, ה, י, ל'". "וואָס זאָל איך איַיך
מאריך זיַין? מיר האַלטן איצט ביַי אַזעלכעס
וואָס ס'איז , ה, י, ל'... דאָס האָט מען
געמוזט אַליין זען,,, א. וויעוו אָרקא, הימעל און
י
ערד, לעמבערג 9)19.
אין הקדוש־ברוך־הוא... — [...
האַקאָדעש באָרכהו...] אָנהייב פֿון עטלעכע מימרות:
א)... בא בטרוניא עס בריותיו —
[... בעטירוניאָ אים ברי־יויסאַוו] זאַץ. תּח.
<עבֿודה זרה, ג/א. דער רבונו־של־עולם
קומט ניט מיט טיראַניַי צו זיַינע באַשעפֿענישן.
געניצט מיטן ב: גאָט האָט איַינזעעניש מיט
זיַינע ברואים.
ב)... מכּה את ישׂראל אלא אס בן
בורא להס רפֿואה תהילה — [... מאַקע
עס ייִסראָעל עלאָ אימקיין בוירע לאָהעם רעפֿוע
טכילע] זאַץ. תּח. <מגילה, יג/ב. גאָט שלאָגט
ניט די ייִדן סיַידן ער גרייט פֿריִער צו פֿאַר זיי
אַ רפֿואה. ענלעך צו: ,,גאָט שיקט צו די רפֿואה
פֿאַר דער מכּה".
ג)... משרה שכינתו — [... מאַשרע

שכינאָסוי] זאַץ. תּח <נדרים, לח/א.   גאָט
מאַכט ניט רוען זײַן שכינה. צווייטער טייל:
אלא על גיבּור, עשיר, חכם ועניו — 'סײַדן אויף
אַ גיבּור, אַ רײַכן, אַ חכם און אַ בּאַשיידענעם'.
[פֿרעגן די מפֿרשים: סטײַטש? איז דען כּבֿיכול
אַ נוֹשׂא־פּנים? נאָר דער תּירוץ איז: אויבּ
איינער האָט אַזוינע דרײַ מעלות און דערצו איז
ער נאָך אַן ענוו אויך, איז ער ווערט די שכינה
זאָל רוען אויף אים. תּורה תּמימה, בּמדבּר,
יב, ג.]
ד)... נותן הכמה, אלא למי שיש
בּו הכמה — [... נויסן כאָכמע, עלאָ לעמי
שעיעש בּוי...] זאַץ. תּח. <בּרכות, נה/א.
דער רבּונו־של־עולם גיט חכמה נאָר דעם וואָס

□

פֿאַרמאָגט חכמה, ד"ה נאַר דער וואַס איז
פֿעאיק, איז מסוגל אויפֿצונעמען וויסן, קלוגשאַפֿט,

□

קען ווערן קליגער.
ה)... עו□ד נסים למגן — [... אויוועד
ניסים לעמאַגאָן] זאַץ. תּח. <? צבּ□ גאָט טוט

ניט קיין נסים אומזיסט. געניצט מיט בּבֿ:
א) דער בּעל־הנס מוז ווערט זײַן; בּ) אָן אַ
תּכלית, אָן אַ צוועק.

שׂמה בּמפּלתן של רשעים —
ו)...
[... סאָמייאַך בּיימאַפּאַלטאָן שעל רעשאָייִם]
זאַץ. תּח. <מגילה, י/ב. דער
אייבּערשטער פֿרייט זיך ניט מיט דער מפּלה פֿון
רשעים. [מע זאָל ניט אָנקוועלן פֿון שטראָף

1233

אויפֿן שׂונא. ענלעך: 'בּנפֿול אויבֿיך אַל
תּשׂמח וּבִכּשלו אַל יגל לבּך,, משלי, כד, 17;
'מעשׂי ידי טוֹבעין בּים ואַתּם אומרים שירה?',
סנהדרין, לט/ב.]

.

אין הקומץ משׂבּיע את הארי — [...
האַקוימעץ מאַסבּיִאַ עס האָאַרי] זאַץ. תּח <
בּרכות, ג/ב. 'דער הויפֿן (עסן) מאַכט ניט זאַט
דעם לייבּ'. געניצט מיטן בּ: דאָס בּיסל איז ניט

גענוג, סטײַעט ניט, קלעקט ניט פֿאַר דער
גרויסער צאָל, פֿאַר די גרויסע באַדערפֿענישן.
„די משפּחה איז, קיין עין־הרע, אַ גרויסע,
און זי האָט נאָר איין פֿאַרדינער, איז א, ה, מ,
א, ה'“. „קען מען ציִען חיונה פֿון אַזא קרעמל?
א, ה, מ, א, ה'“.

-

אין השכינה שורה מתוך עצבות —
[... האַשכינע שוירא מיטויך אַצווּעס] זאַץ. תּח
<שבּת, ל/ב [דאָרטן: א, ש'... לא מתוך
עצבֿות... אלא מתּוך דבֿר שׂמחה של מצווה]
זוהר, בּראשית, מה, 27. 'די שכינה רוט ניט
אין אומעט'. „אין די דרײַ וואָכן... מעג מען
שפּילן, ווײַל א, ה, ש, מ, ע'“, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. “אין אַזאַ געדריקטן געמיט
נעמסטו זיך צו שרײַבן? א, ה, ש,...
אינספּיראַציע קומט פֿון פֿרייד„.
אין השׂטן מקטרג אלא בּשעת סכּנה —
[... האַסאָטן מעקאַטרעג עלאָ בּישאַס סאַקאָנע]
זאַץ. תּח. <בּראשית רבּה, צא, יב. פּפֿ: השׂטן
מקטרג בּשעת סכּנה. דער שׂטן איז

מקטרג (באַשולדיקט, איז גורם אַ צרה) נאָר
אין צײַטן פֿון סכּנה. געניצט מיטן בּ: אין
אומרואיקע צײַטן זאָל מען זיך אָפּהאַלטן פֿון טאָן
עפּעס, וואָס קען זײַן פֿאַרבּונדן מיט אַ געפֿאַר.
„ס'איז מלחמה־צײַט, זיץ אין דער היים, א, ה,
מ'...“.

אין התורה נקנית אלא בּהבֿורה —
[...... ניקנעס... עלאָ בּאַכאַוואורע] זאַץ. תּח.
בּרכות, סג/ב. מע שאַפֿט זיך אײַן תּורה
נאָר אין חבֿרותא, ד„ה ווען מען לערנט אין
אַ גרופּע (דורך שמועסן און וויכּוחים שאַרפֿט
זיך דער מוח). „א, ה, נ, א, בּ, — איז אויך
גילטיק פֿאַר וויסנשאַפֿט“, א. מענעס, פֿאָר,
2(5 19 II.

אינו — [איינוי] 1. בּאַשטאַנדטייל פֿון אַ צאָל
אויסדרוקן (← ווײַטער) ,(ער) איז ניט'. 2. זוו.
עס איז ניט אַזוי. ווען אַ ייִד האַלט אין מיטן
דאַווענען, בּענטשן, בּכלל אין אַלע פֿאַלן ווען
מע טאָר ניט מפֿסיק זײַן, און אַ זײַטיקער
פֿרעגט עפּעס איז דער נעגאַטיווער ענטפֿער —
אינו. קען אויך דערבּײַ בּאַטײַטן: שטער(ט)
ניט פֿרעג(ט) שפּעטער.

אינו אוכל אלא צלי — [... אויכעל עלאָ

צאָלי] זאַץ. <לויט שמות, יב, 9. ,ער עסט
ניט נײַערט געבראָטן'. איר אײַנטײַטש: ,,מע
עסט ניט אויב מע צאָלט ניט“.
אינו דומה — [... דוימע] תּח. 1. פֿראַזע
'איז ניט גלײַך'. ,,א, ד, אַ שידוך ווען ס'איז דאָ
אַ טאַטע אָ שײַנדל, צו אַ יתום וואָס איז עלנט
וו אַ שטיין,,, יהל, די אונבעקאַנטע
פֿערליעבי

א□נוואַלי'ד

טע, וואַרשע 1901. 2. אָנהייב פֿון אַ צאָל
מימרות:
א)... לומד מעצמו ללומד □רבו —
[... לוימעד מייאַצמוי לעלוימעד מייראַבוי]
<כּתובות, קיא/א. מע קען ניט פֿאַרגלײַכן
דעם וואָס לערנט (זיך) אַליין צו דעם וואָס
לערנט (זיך) פֿון אַ רבין.
ב)... מי שיש לו פּת בּסלו למי
שאין לו פּת בּסלו — [... שעיעש לוי פֿאַס
בעסאַלוי לעמי שעאיין...] <יומא, יח/ב;
עד/ב; כּתובות, סב/ב. מע קען ניט פֿאַרגלײַכן
דעם וואָס האָט אַ שטיקל ברויט אין זײַן קויש
צו דעם וואָס האָט ניט קיין שטיקל ברויט אין

זײַן קויש. ״דער זאַטער פֿאַרשטייט ניט דעם
הונגעריקן — א, ד, מ׳...״.

ג)... שונ□ פרקו מאה פּעמים
לשונה פּרקו מאה ואַהת — [... שוינע
פּירקוי מייע פּעאָמים לעשוינע... ווייאַכאַס]
<חגיגה, ט/ב. ס׳איז ניט גלײַך דער וואָס
חזרט איבער זײַן פּרק (שיעור, לעקציע)
הונדערט מאָל צו דעם וואָס חזרט עס איבער
הונדערט און איין מאָל, ד,,ה אַפּילו ווען מע
קען עפּעס□ איז פֿאָרט בעסער ווען מע לערנט
עס ווידער.

אינוואַ□דירן — טרוו. ־דיר, אינוואַדירט. מאַכן
אַן אינוואַזיע. אַרײַנדרינגען אין שׂונאס לאַנד.
א אַ טעריטאָריע. ,,... האָבן די דײַטשישע
,

אַרמייען אינוואַדירט אויף אַן איבעררעאַשנדיקן
אופֿן האָלאַנד״, איק, 16 □ 1957 III. ־דירער.
אינוואַזיע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
אַרײַנדרינגונג פֿון אַ פֿײַנדלעכער אַרמיי אין אַ לאַנד,
געגנט אָדער שטאָט. די א׳ס פֿון באַרבאַרן אין
ציוויליזירטע לענדער.
2. (מעדיצין) אַרײַנדרינגונג (אין דער לופֿט

און אין לעבעדיקע אָרגאַניזמען) פֿון מיקראָבן, באַקטעריעס, ווירוסן וואָס רופֿן אַרויס אַן אָנשטעקיקע קראַנקייט. 3. אַרײַנדרינגונג פֿון פֿרעמדע אידייען, אײַנשטעלונגען אדגל. א, פֿון פֿראַנצייזישן אימפּרעסיאָניזם אין דער אַמעריקאַנער מאָלערײַ. „ער האָט דערזען און דערפֿילט מיטאַמאָל אַ פֿרעמדע א, אין דער ייִדישער ליטעראַטור“, מוק, מײַנע באגעגענישן I.
אינוואָיאַלע — די, ־ס. בעס. <רומ. הסכּם, אָפּמאַך. אַרויסקריגן פֿאַר ד אַרבעטער אַ
בעי

סערע א'.
אינוואָלו▯ציע — די, ־ס. <איי <ל. 1. פֿאַרפֿלאָנטערונג, קאָמפּליצירונג. 2. (גראַמ) זאַץ געבויט אויף אַן אומקלאָרן אופֿן. 3. (ביִאָלאָגיע) פֿאַרשמעלערונג, אײַנשרומפּונג (פֿון אַן אָרגאַן). דעגענעראַציע וואָס טרעפֿט זיך אין אַלגעמיינעם עוואָלוציע־פּראָצעס. א▯ אין אַ געוויקס. א, פֿון פֿרויען־אָרגאַנען. 4. (מאַט) דערהייבונג צו אַ הויכער מדרגה. 5. (מאַט) קרומע ליניע, אויפֿגעשטעלט לויט אַ קאָ▯. פּליצירטער פֿאָרמל. ־טי'וו — אַדי. אויך:

אינוואָלו'ט.
אינוואַלי'ד — דער, ־ן. <איי <ל ,
ניטטויגעוודיק', ווער עס האָט אָנגעוואוירן זײַן
פֿעאיקייט צו אַרבעטן (מחמת עלטער,

קראַנאין וואָס גייט דאָ

קייט, אומגליקפֿאַל אדגל), ספּעצ, סאָלדאַט וואָס
איז מער ניט נוציק פֿאַר דער אַרמיי אין
רעזולטאַט פֿון וואונד(ן) וואָס ער האָט באַקומען.
ווערן אַן א'. „קורץ איז די מלחמה און באַלד
זעט מען שוין זיי אַלס יונגע א'ן מיט
צעבראָכענע גלידער„, בעמ II פּיג. „... מיר וועלן
.
געבן אונדזער זשאַרגאָן אַ 'טשיסטע אָסטאַווקע,
ווי אַן... א, וואָס האָט שוין זײַנס אָפּגעטאָן„,
אבֿרהס קאָטיק, הקדמה, צו די ווינטער
אבענדען פֿון חי״ה זעלדעס, וואַרשע תּרנ״ח. א'
ן,
ה ו י ז —־יזס — צושטאַנד פֿון אַן אינוואַליד.
.
מצבֿ פֿון אַ כראָנישער קראַנקייט וואָס נעמט
צו די פֿעאיקייט צו אַרבעטן ־יש (אויך
.

־נע) — אַדי. „נאָר איך בין ווי אַן א נע פֿערד,
וואָס וויבאַלד סע דערהערט נאָר דעם...
באַראַבאַנטשיק הייבט דאָס שוין אָן צו הירזשען“,
פּ זאמאָשטשין, 'בריוו, [ייִבל 1 ,XI־2]. ־
ישקייט.

אין וואָס גייט דאָ — דזוו: וואָס איז דאָ דער
ענין, דער עיקר. ניט קענען כאַפּן אין וואָס
עס גייט דאָ. „זאָגט מיר קלאָר און דײַטלעך
אין וואָס גייט דאָ, אין וואָס האַנדלט זיך„.

אינוואַצאַטאָר — דער, ־ס. בעס. <
מאָלדעוואניש, רומ. לערער וואָס לערנט ניט־ייִדישע
לימודים.

אינוואָקאַציע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
געבעט וואָס קומט פֿאַרן אַריבערגיין צום
סדרהיום פֿון אַ צונויפֿקום, אַ פֿאַרזאַמלונג, אַ
סעסיע פֿון אַ פּאַרלאַמענט אע. 2. ווענדונג פֿון
דיבטער אין דער פֿאָרעם פֿון אַ געבעט צו אַ
גאָטהייט (געווײַנלעך צו דער מוזע) בײַם
אָנהייב פֿון אַ גרעסערער פּאָעמע.

אינוואַ'ר — דער. בא. געשמעלץ פֿון שטאָל
און ניקל. סינטעטישער מעטאַל געניצט
מערסטנס בײַם אויסאַרבעטן פּרעציזע
אינסטרומענטן. שינויִים אין דער אַרומיקער
טעמפּעראַטור ווירקן ניט אויף א'. א'־ש ט ר י י ף —

אינסטרומענט פֿאַר לאַנדמעסטונג.
אינוואַריאַ'בל — אַדי. וואָס קען זיך ניט בײַטן, האָט ניט קיין וואַריאַציעס. אויך סובֿ — דער.
אינוואַריאַ'נט — דער, ־ן. 1. (מאַט) קוואַנטיטעט וואָס בײַט זיך ניט, ווערט ניט גרעסער און ניט קלענער. 2. (גראַמ) וואָרט וואָס האָט ניט קיין פֿלעקסיעס, בײַט זיך ניט. די אַדווערבן זײַנען א'ן. אין ייִדיש זײַנען אויך פֿאַראַן אַדיעקטיוון א'ן, למשל: ווילנער, אַמעריקאַנער. „אַחוץ די ביז איצט באַטראַכטע באַטײַטיקע א'ן, זײַנען נאָך פֿאַראַן באַהילפֿיקע: פּרעפּאָזיציעס, בינדווערטער און פֿאַרשיידענע פּאַרטיקלען„, א. זאַרעצקי, פּראַקטישע גראַמאַטיק, מאָסקווע 1927, ז, 128.
אינוויט□ירן — טרוו. ־טיר, אינוויטירט. <איי <ל פֿאַרבעטן פֿאַררופֿן. ראָש מלין מ□תּח
. ,
פֿאַרטײַטשט 'ועל מקראיה, (ישעיה, ד, 5): „ גערופֿענע, געלאַדענע, אינוויטירטע„ [תּי: „אירע זאַמלערטער„]. „דר צו איך אַלי אינשׂ גינראַל גאַנץ פֿרײַנטליך א.....„ ,אחשורוש־שפּיל, 2„ אַמשט 1718 [פּש II, 431]. „סעודת בר־מצוה..

זול ער ניכט מעהר אַלשׂ צעהן מאַנשׂ פֿערשונן אינפֿיסירן", 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס,, 1767 [ייִבל I]. ־אַציע. אינוויטן — טרוו.

invi□e □I□ו:□־<. אַמ אינוויטיישן — די,

־ס. ion□ □וvi][i: □<. אַמ.

אין וויטן האַלדז (אַריין) — מיטן ווערבֿ:

ז י ך ש ע מ ע ן. בֿ: זייער שטאַרק זיך שעמען [און עס זאָל רויט ווערן ניט נאָר דאָס פּנים, נאָר אויך דער האַלדז]. זיך דערוויסן און זיך שעמען א, וו, ה אַ,. "שעמען דאַרפֿסטו

,

זיך א, דיין וו, ה'! ווער האָט נאָך אַזאַ גליק?", ה. קליבאַנאָוו, קול חדש ווילנע 1908.

אין ווייך (ווייכן) פֿלייש — מיט די ווערבֿן:

פּ אַ ט ש ן, ק נ יי פּ ן אע. דזוו אין הינטן. ,,האָט זי געפּעטשלט און געקנייַפּט א, וו'ן פֿלייש אַריין,,, י. פּערלאָוו פֿאָר, 1 l967 I.

,

אינוויייניק — ← אינעווייניק.

אין ווילן האָבן — אַרכ. בדעה האָבן.

פּלאַנירן. ,,איינר א, וו, גיהאַט איבר פֿעלד

[. 991] צו רײַזן וועגן פּרנסה", יח

הע)דה, יורדא תּצ"ז, פּרק ד.

אין וועג (אַרײַן) — געוויינטלעך מיט די ווערבן: זיך קלײַבן, זיך ריכטן אע. זיך גרייטן צו אַ לענגערער נסיעה. „געווערט אַ יאָר ביז מע האָט זיך צוגעקליבן א, וו, אַ'„, אטד, סיפּורי מוסר, 1875. אַ סגולה בײַם פּאַקן זיך דאָס ערשטע מאָל א, וו, אַ, — האַלטן אַ שטיינדל אין מויל. א, וו, (זיך) ש ט ע ל ן = שטערן, ניט לאָזן עפּעס טאָן. „איז דאָס שוין גענוג געווען אַז ייִנגלעך פֿון גאַס זאָלן זיך אים א, וו, ניט שטעלן", מ. ווײַסמאַן, פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש.

אי'נוועלט — די, ־ן. נעאָל. אינעווייניקסטע וועלט, וועלט פֿון דעם איך. היפּוך פֿון אויסוועלט, ← 234. „אין מײַן א„ אין מײַן אויסוועלט האָט זיך שווער באַזעצט אַ טויבער נעפּל", קוו, 1919.

אי'נווענדיק — אַדוו. Mhd: in־ ־en(li(.

דזוו אינעווייניק. „אבּר אינוועגדיג אין זײַנם הערצן דא גידענקט ער...„, יוסיפֿון, אַמשט, 1661, רז/ב. „ווּעלכר תּלמיד חכם וואָס אינוועגדיג ניט איז אַז אוישוועגדיג — איז ער קיין

תּלמיד חכם ניט“, עיון, מ/א. „ענגע קליידער קאָנען פֿאַרקרימען די גלידער און טאַכן א'ע [אַדי] קראַנקייטן„, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. „די באָד האָט בײַ אים אַ גרויסע שײַכות מיט זײַן רעליגיע, מיט זײַנע א'סטע געפֿילן“, ממוס, מסעות.

אינווענטאַ'ר — דער, ־ן. <איי <ל.

1. אויפֿצייכענונג פֿון דעם באַשטאַנד, דעם סכום סחורות אין אָ געשעפֿט, פֿאַבריק אע מיט זייער ווערט (כּדי אויסצורעכענען דעם באַטרעף פֿון פֿאַראַנענער סחורה און דורכדעם אויך דעם אַרײַנבאַקומענעם רווח בּמשך אַ געוויסן צײַטאָפּשניט). יערלעכער, האַלבּ־יערלעבער אאַזוו א'. מאַכן (נעמען) א'. „... יעצט וועלן מיר אונטערציִען אַ סך־הכּל דעם א'“, ד. מאָרדווין, דיא לעהרע פֿון לעבּען, בערלין 1898.

אינווע'סטיגעיטן

2. (פּינקטלעכע) רשימה פֿון אַ פֿאַרמעגן (אין זאַכן, געלט, אומבּאַוועגלעך אייגנטום אאַ) פֿון אַ פּערזאָן אָדער קאָלעקטיוו, כּדי פֿעסטצושטעלן דעם אַלגעמיינעם ווערט, און די זאַכן גופֿא וואָס ווערן אויסגערעכנט אין אַזאַ רשימה. אַזאַ א'־רשימה הייסט אויך אינווענטו'ר. א,

פֿון אַ ירושה. א, פֿון אַ ליקווידירטער
אָרגאַניזאַציע. אויספֿאַרקויף פֿון אַן א'. "...מאיר[ן]...
זאָל מן תפֿסן וכל אַשר לו זאָל מן אינוואנטר
שטעלן ע"י גרעפֿיע", 'כ,,י וועגן מעצער
עלילתדם', 1669 [פֿש 264 II]. ט ו י ט ע ר א, —
פֿון זאַכן, מכשירים אע. ל ע בּ ע ד י ק ע ר א, —
פֿון בּהמות (אויך פֿון שקלאַפֿן). "אַז נחום
וועוויקס איז אַראָפּגעקומען... און
איבּערגענומען די 'פֿאָטשט, מיטן הויף, מיטן גאַנצן א'",
שע ◌ונעם יאריך I.

3. פֿיג. רשימה פֿון גײַסטיקן פֿאַרמעגן. דאָס
גאַנצע גײַסטיקע האָבֿ־און־גוטס. ,,גײַסטיקע
א'ן... בּלויז אַזעלכע זאַכן פֿאַר וואָס די
צוקונפֿטיקע דורות זאָלן... האָבּן דרך־ארץ,,,
יג, אין תּוך. א,־בּ ו ך. א'־ק אָ נ ט ע.
ש פּ ר אַ ך־א'.
־יזאַציע — אַ פֿולע א'. ,,די
אַמעריקאַניזמען פֿאַרצייכנט זײַנען זיי... קודם־כּל
...
לשם א'", מוו, סטוטש, 'אַ וואָרט פֿריִער פֿונעם
רעדאַקטאָר'.
־יזירן — טרוו. ,,... אין דאָקומענטן און
בּריוו, וואָס וואַלגערן זיך ערגעצוואו און זײַנען

נאָך ניט אינוועטאַריזירט“, קאָס, ייִבל XIII, 1־2.
„בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז
מיט דער ייִדישער שפּראַך פֿאָרגעקומען אַזוינס

-

וואָס צווינגט אַרויף דאָס געבאָט פֿון א',,,
י. טשערניאק ייִשפּ XXI, 1 ־ונג.

.

־יאַל, ־יש — אַדי. א'ישע חשבונות.
אינוועג טירן — טרוו. ־טיר, אינוועטירט.
<איי <ל. 1. דזוו אויסגעפֿינען, ב5, ← 193.
דזוו אויסטראַכטן, ב6' .251. א אַ נײַעם

,

סאָרט שלאָס. א, נאָך פּלאַסטישע מאַטעריאַלן.
„אינבֿענטירן... עט וואז ער טראַכטן,,, יוסף
מאָרשן, חנוך לנער פּיורדא 1774. 2.
אויס,
קלערן, אויספֿאַנטאַזירן. אויסטראַכטן אַ ליגן. א,
מעשׂיות. ־ציע, אינוועג ן — די, ־ס, ־ן.
1. אַקט פֿון אינוועטירן. אויסגעפֿין. “איר
א'ץ... איז געווען זייער אָריגינעל“. הענעך
קאָן פֿאָר, 2 .19 1968 IX. (מוזט)

פֿאַנטאַ,
זיע, מוזיקאַלישע אימפּראָוויזאַציע וואָס איז
דער אויסדרוק פֿון אַ מאָמענטאַלן געמיט־
צושטאַנד ־טירונג — פּראָצעס פֿון
אינווען.
טירן. אַן א, וואָס האָט געדויערט יאָרן און יאָרן.
אינוועסטיגירן — טרוו. ־גיר, אינוועסטיגירט.
<איי <ל. 1. אויספֿאָרשן, נאָכפֿאָרשן מצד
אַן אַמט. א, פֿאַרבּרעכנס. 2. וויסנשאַפֿטלעך
פֿאָרשן, נאָכקאָנטראָלירן. א, ד אַנקעטעס.
י

—ונג.
אינווע'סטיגעי טן — טרוו ־געיט,
אינוועסטיגעיטעט. אמ. e הgai] s e ה]i o : :>.
אויספֿאָרשן. אויספֿרעגן גענוי, מיט אַ סך פּרטים
(ספּעצ מצד דער מאַכט, מצד אַ

פֿאַרזיכערונגאינוועסטיטו'ר

געזעלשאַפֿט אע). א, די פֿאַרדעכטיקע שׂריפֿה.
־טאָר — אויספֿרעגער. ־שן — די.

אינוועסטיטור'ר — די, ־ן. צערעמאָניאַל
בײַם איבערגעבן אַ קירכלעכן אָדער אַ הויבן
סעקולערן אַמט, פּאָזיציע, נײַעם ראַנג. ספּעצ
ווען דער סעניאָר גיט איבער צו זײַן וואַסאַל
אַן עמבלעם, אַ סימבאָל פֿון נײַעם ראַנג (אַ
שפּיז מיט אַ פֿאָן, אַ רינג, אַ הענטשקע אע).
„דער פּרינץ קומט... קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
פֿונעם סולטאַנס האַנט צו דערהאַלטן די א',,,
קמ, ▯) ▯39 18, No.
אינוועסט▯ירן — טרוו. ־טיר, אינוועסטירט.
<איי <ל. 1. אַרײַנלייגן קאַפּיטאַל
פֿינאַנ,
סירן (געשעפֿט, אונטערנעמונג) מיטן צוועק
אַרײַנצובאַקומען רווח. א, אין אַ נײַער
טעכנישער אויסגעפֿינונג. "א, צענדליקער מיליאָנען
דאָלאַרן אין פּרעכטיקע בנינים", לל, איק, ר„ה
תשכ"ה. 2. אַרײַנלייגן כּוחות, באַמיאונגען.
א, אין אַ ווערק צען יאָר לעבן. „אין די
אויסלייג־תּקנות, וואָס אין זיי איז אינוועסטירט
אַזוי פֿיל טראַכטן און וועגן און מעסטן
בציבור,,, מוו, ייִשפּ 3 .2 ,XIX. באַפֿולמעכטיקן,
געבן אַ כּוח־הרשאה. א, דעם שליח מיט די
נייטיקע דאָקומענטן.
־יטאָר — אינוועסטירער. ־יציע — "האָט

אַ גרויסע א, אין היגן ייִדישן לעבן,, ־ירונג.

.

־ירער — ,,גיט פּריווילעגיעס צו פּריוואַטע א',,. ־אָר — אַמ. אינוועסטירער. ־מענט — אַמ. ־ן — טרוו. אַמ. ,,ער האָט ניט וואָס צו א,“.

אינווערטאַ'ז — דער, ־ן. <איי <ל. (בּיִאָכעמיע) פֿערמענט (יוירונג־שטאָף), ענזים (ענצים) וואָס שאַפֿט פֿון דעקסטראָז לעוומולאָז און פֿאַרקערט. א, בּײַם פֿאַרדײַען צוקער.

אינווער ◌ טירן — טרוו. ־טיר, (האָט) אינווערטירט. פּפֿ: אינווערסירן. <איי <ל. 1. איבּערדרייען, איבּערשטעלן, איבּעראַנדערשן אין אַ פֿאַרקערטן סדר, דורכפֿירן אַ פֿאַרקערטן פּראָצעס. געניצט מערסטנס ווי אַ טערמין אין כעמיע, מעדיצין, געאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק אאַ. אַ כעמישע רעאַקציע וואָס לאָזט זיך ניט א'. 2. (גראַמ) איבּערדרייען דעם סדר פֿון ווערטער אין אַ זאַץ אָדער פֿון בּײַזאַצן אין אַ צונויפֿגעזעצטן זאַץ. —טירט — אַדי. א'ער צוקער. א'ער זאַץ. ־טירונג.

אינווערטעבּראַ'ט — דער, ־ן. <איי <ל. בּאַשעפֿעניש אָן רוקנבּיין. בּעל־חי וואָס האָט ניט קיין חוט־השדרה. ,,גאַנצע אַכט הונדערט

מיליאָן יאָר... האָבן עקסיסטירט בלויז נידעריקע
לעבנס־פֿאָרמען, די אַזוי־גערופֿענע א'ן“, זשיט
X, נ„י 1917.
אינווערס יע — די, ־ס. צופֿעליקער אָדער
בכיוונדיקער פֿאַרדרייטער פֿאַרקערטער סדר.

,
א) (גראַמ, רעטאָריק) די פֿאַרדרייאונג,
איבערקערונג פֿון אַן אײַנגעשטעלטן סדר.
שפּראַךפֿאַרדריי, באַנוץ פֿון אַ ניט־ריכטיקן
ווערטערסדר אין רעדן אָדער שרייַבן. אַ הילפֿלאָזע א,.
„די מיט בילדער באַהאָנגענע וענט“ איז אַן א,
= “די וענט, באַהאָנגענע מיט בילדער“. [“די

129()

באַהאָנגענע מיט בילדער וענט„ — אוממעגלעך
אין ייִדיש.] אויך: דאָס בכיוונדיקע
איבערשטעלן דעם ווערטער־סדר כּדי צו שאַפֿן אַ
געוויסן (כּלומרשטן) עפֿעקט. „אַהיים בין איך
געקומען, עסן האָב איך זייער געוואָלט...“;

בֿ) (כעמיע) דער איבֿערגאַנג בײַ אַ הידראָליז
פֿון קאָמפּליצירטע קאַרבֿאָהידראַטן צו צוקער;
ג) (מעטעאָראָלאָגיע) דאָס שטײַגן פֿון
טעמפּעראַטור מיטן שטײַגן אין דער הייך; ד) (מוזט)
דאָס בײַטן די עלעמענטן פֿון אַ פֿראַזע דורך
הייבֿן דעם נידעריקערן טאָן און אַראָפּלאָזן דעם
העכערן. אָדער דאָס איבֿערחזרן אַ פֿראַזע מיט
אירע אינטערוואַלן אין אַ פֿאַרקערטער
אָרדענונג; ה) אויך סעקסועלע א, —
האָמאָסעקסועלקייט. ־ירט — אַדי. א'ער עפּיטעט.
אינוי־התום — [איינוי כאָסום] אַרכ. 1. (ער)
איז ניט געחתמעט. אַ מיטגליד אויף אַ
צײַטווײַליקן באַזיס, צווייטראַנגיקער מיטגליד. לויט די
תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא, תּנ״ב, 1692,
איז מען אין די ערשטע אַכט יאָר נאָכן
אויפֿגענומען ווערן אין דער חבֿרה געווען אַן א־ח,,
און אויך: ,,ווען איינער מעכט ניט אין איינר
רבֿיעית שנה אין בית־עלמין קומין... זאָלל
מן איהם פֿיר איינען א'־ח, שטעללען“,
□ □ 2 . □d□ .,□h□h□c. דער. ניט־
געחתמעטער.
אין ויאמר—[וואַיוי'מער] מיט ה אָ בֿ ן עמעצן.
דזוו האָבן אין לויוויטש, אין די טשוועקעס
(□.), וואו די ייִדן האָבן גערוט ['ויסעו

מרפֿידים... ויחנו בתחת', במדבר, לג, 15, 5].

אינויגור אַציע — די, ־ס. <איי <ל. פּפֿ.
־נאָגדראַציע. אײַנשווערונג,
אינסטאַלירונג פֿון אַ הויכן, נײַ־דערוויילטן באַאַמטן;
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ספּעצ די
אינסטאַלירונג פֿון אַ נײַעם פּרעזידענט ־ירונג.

.

־ירן — טרוו.

אינו()יהודי — [איינוי יעהודי] אינם [איינאָם]
־ם. <שיר השירים רבה, ו, יז. 1. פּראַזע
אָדער זאַץ. '(ער) איז ניט קיין ייִד'. געניצט
אָפֿט ווי אַ וואָרנונג, אַז דאָ געפֿינט זיך אַ
ניטייִד, עמעצער ניט מאַחינו בני־ישׂראל און מע
דאַרף זײַן אָפּגעהיט ניט צו זאָגן עפּעס שלעכטס
וועגן גויִם. 2. דער. ניט־ייִד. איידעלער
אויסדרוק אַנשטאָט גוי. "עס איז אָסור צו
געבן ערבֿ־שבת פֿאַרנאַכט איין א"י [=
אינויהודי] אַ מלאָכה צו טוען אום שבת פֿאַר אַ
ישׂראל וועגן,,, דרך אדם, וואַרשע 1860. ,,...
אזהרה ס אַ יהודי סײַ א'־י'... ווי דער פּועל
י
און דער שׂכיר גייט אים נאָך און וויל דעם
שׂכר [מלאָכה] און דער בעה"ב [= בעל־הבית]

איז אים מדחה ,קום מאָרגן,... איז קיין

גרעסערער חילול־השם ניט פֿאַראַן דערפֿון“, □קח,
ווילנע תּרל,,ה. ← אינו ישׂראל.

אינו(□)יודע — [... יוידייאַ] זאַץ אָדער
פֿראַזע. אויך דער. ער ווייס(ט) ניט. “לאָז אים צו
רו, דו זעסט דאָך — א, י““ פֿרעג אים בחרם,
„ .
ער איז אַן א'־י', אַ פּאָלנער עם־האַרץ“. א,
י, לשאול <הגדה של פסח ער ווייס(ט)
ניט וואָס צו פֿרעגן, קען ניט פֿרעגן, קען זיך

אינו נכנס לתוך...

ניט פֿונאַנדערקלײַבן. א, י, שאינו יודע
— 'ער ווייס(ט) ניט אַז ער ווייס(ט) ניט,. אויך:
אַ גײַסטיק־באַגרענעצטער, אַ תּם, אַ לעמעשקע.
,,א, י, ש, י, — וואויל איז אים און גוט איז
אים,,. “לאָז אים געמאַך, ער איז א, י, ש, י',,.
אינו־ישׂראל — [... ייִסראָעל] דזוו. אינו
יהודי (□.). 'ער איז ניט קיין ייִד'. “□אַראַן
נאָך אַ הויז, און דער שכן, דער א'־י, האָט
אַן אויג דערויף“, פּרץ, 'דער בעשט פֿירט אויס
אַ שידוך'. ,,מע טאָר ניט גנבֿענען די דעה פֿון

לײַטן... דהײַנו: ער טאָר ניט פֿאַרקויפֿן אַן א,־י, נבֿלה־פֿלייש פֿאַר בשׂר כשר", י. ל.
יאָסעלאָוויץ תּוכחת מוסר (רמבּ"ם), ווילנע תּרל,,ו.
אין ולאו ורפֿיא בּידיה — [אין (איין) ווײלאַוו ווײראַפֿיע בּעיאָדײ] זאַץ. תּח. <שבּת, קיג/א; קטז/א, אאַ. יאָ און ניין און עס איז וואַקלדיק, שוואַך אין זײַן האַנט. געניצט איר מיטן בּ: ער קווענקלט זיך (וואַקלט זיך), ער ווייסט ניט מיט וועמען צו האַלטן, אַמאָל זאָגט ער יאָ, אַמאָל זאָגט ער ניין. ער שאָקלט זיך אַהין און אַהער. אויך: בּײַ אים איז רעכט — דער יאָ און דער ניין זאָלן צוזאַמען גיין.

--

אינו מן הישובֿ — [איינוי מין האַיִשוּוו] פֿראַזע אָדער זאַץ. תּח. <קידושין, א, י. (ער) איז ניט פֿון ייִשובֿ [דאָרטן: ,,ווער עס פֿאַרמאָגט ניט קיין תּורה און קיין משנה און קיין דרך־ארץ — איז ניט פֿון (מענטשלעכן) ייִשובֿ", פּיעט], ד"ה ער איז פֿאַרגרעבּט, פֿאַרווילדעוועט. ,,האָסט געזען ווי ער עסט? ער איז דאָך א, מ, ה'"; ,,ער קומט פֿון אַ ייִשובֿ און איז אַן א, מ, ה',,.
אינו מעלה ואינו מוריד — [... מאַאַלע

(מײַלע)... מוריד] זאַץ. תּח. <לויט גיטין,
נב/א [דאָרטן: לא מעלין ולא מורידין]. 'ניט
ער דערהייבט, ניט ער דערנידעריקט,. גענוצט
מיטן בּ: עס האָט ניט קיין ווירקונג; עס האָט
קיין ווערט ניט. ,,אַ חלום איז א, מ, ו, מ'".
,,זײַנע רייד וועלן קיין השפּעה ניט האָבּן, א, מ,
ו, מ'". שפּאַסיק וועגן אַ קאַליע־געוואָרענער
ווינדע, ליפּט, עלעווייטאָר. ,,א, מ, ו, מ, — מע
דאַרף גיין מיט די טרעפּ".
אינו נבֿהל להשיבֿ—[... ניוועהאָל לייהאָשיוו]
זאַץ. תּח. <אָבֿות, ה, ו. ,ער אײַלט זיך ניט
צו ענטפֿערן'. [איינע פֿון די זיבּן מידות טובֿות,
וואָס כאַראַקטעריזירן דעם חכם.] ,,זײַ זיך גוט
מיישבֿ, ווײַל אַ חכם א, נ, ל'".
אינדנימול — [... נימויל (נימול)] דער, מצ:
אינם [איינאָם] ־ים. <לויט בּראשית, לד, 23.
ניט־בּאַשניטענער, ניט־געמלטער. גענוצט ווי אַן
איידעלער אויסדרוק אַנשטאָט ערל. "... דשׂ
בּײַא נימוליס או בּײַא שאינו־נימולים וואשׂ אין
הענדין ווער מהנ"ל..., 'פּנקס קהילת אה,,ו',
כּרוז לג, 1724 [ייִבּל XXXIII].
אינו נכנס לתוך דבֿרי הבֿרו — [...
ניכנאַס לייטאָך דיווריי כאַווײַרוי] זאַץ. תּח.
<אָבֿות, ה, ו. ,ער פֿאַלט ניט אַרײַן אין די

רייד פֿון צווייטן'. [איינע פֿון די זיבן מידות
טוֹבות וואָס כאַראַקטעריזירן דעם חכם.] „דו
האַקסט מיר איבער די רייד, האָסט פֿאַרגעסן
דעם א, נ,...„.

אינו—נדאה

אינו־נראה — [...נירע] דער, ־ס. תּנ. 1.
ניטגעזעענער. דער וואָס באַזיצט דעם מאַגישן כּוֹח
צו זען, אָבער וועמען קיינער קען ניט זען.
[אין יווישן פֿאָלקלאָר פֿאַראַן מעשׂיות פֿון
אינונראהס.] אַן א'־נ, מיטן כּוֹח פֿון שם־הוויה.
„האָט ער זיך אָנגעטאָן דאָס כישוף־היטעלע
און איז געוואָרן אַן א'־נ'„. 2. דער וואָס איז

אַנאָנים, באַהאַלטן, סוֹדותפֿול. „ער איז אַן א'־
נ', ער טוט צדקה בסתר„.
־דיק — אַדי. „ער האָט געאַרבעט שטום,
אָפּגעשלאָסן, א'־נ'דיק„, ימ איבז, טאָניאָ
קרעגער, ריגע 1930. „ער פֿילט וו אַן א'־נ'דיקע
,
האַנט שטאַרקט אים און גיט אים האָפֿענונג“.

אינוענדאָ — דער, ־ס. <איי <ל. אָנצוהערעניש, באַמערקונג, אָנווײַז מיט דער כּוונה צו דערנידעריקן, וואַרפֿן אַ חשד. „דער ריכטער דערלאָזט ניט קיין א, אויפֿן עדות פֿון דער פֿאַרטיידיקונג„.

אינזאַץ — דער, ־ן? דרייזין. מהלך צווישן צוויי פּאָסט־סטאַנציעס. אָרט וואו מע נעמט אַרײַן אין פּאָסטוואָגן נײַע פּאַסאַזשי□ן.

אינזולאַנער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ראָש מלין מפֿתּח: אײַנוואוינער פֿון אַן אינדזל.

אין זיווגו של איש אלא מן הקדוש ברוך הוא — [איין זיוואוגוי שעל... עלאָ מן האַקאָדעש באָרכהו] זאַץ. תּח. <בראשית רבה, סח, ג. 'דעם מענטשנס זיווג איז בלויז פֿון רבונו־של־עולם'. יעדער זיווג איז מן השמים. דזוו „גאָט זיצט אויבן און פּאָרט אונטן“.

אי'ן זיך — 1. אינעווייניק, אין דער אייגענער וועלט פֿון איבערלעבונגען, געפֿילן, טראַכטענישן אע. האָבן א, ז, אַ כּוח צו.... האָבן א, ז, און ניט קענען עס אויסדריקן, אַרויסברענגען. „וואָס איינער האָט א, ז, וואַרפֿט ער פֿון זיך“, שוו [= מע וואַרפֿט פֿיר יענעם אייגענע חסרונות]. „אַז מען איז פֿאַרטאָן א, ז', דערקענט מען ניט קיין מענטשן“. „.... איז אַ מענטש

פֿון אינטראָווערסיע, אַן א,־ז'־טיפּ,,, שנ,
דערציילערם און ראָמאַניסטן. ,,... דאָס א'־ז'־
ווערטפֿולע צו אַנטווערטן,,, גרינ, ,גלײַך א ן
אומגלײַך', ז, 1. 2. אָן אַ דרויסנדיקער פּאָרעם. תּפֿילה
טאָן א, ז,. איבערקרענקען די אַלע
אַנטוישונגען א, ז'. אויך סוב — דער. שלמה ביקלס
עסייען מיטן קאָלעקטיוון נאָמען ,,אינזיך און
אָרומזיך,,. ,,מאָטיוון וואָס האָבן געשלאָגן פֿון
זײַן אינזיו־ברונעם", ב. ריווקין, אונדזערע
פּראָזאַאיקער. אי'נזיכקייט — "פֿון זײַן אוֹפֿן
ריידן האָט געווייט מיט אַן אינדישער א,,,, ימ,
נײַע וועגן, ריגע 1927.
אין זי'ך — 1. אומאָפּהענגיק פֿון אַלץ אַרום.
"עס איז נישטאָ קיין איין דערשײַנונג אין דער
נאַטור וואָס זאָל זײַן אַ מיוחס... און... מע
זאָל קענען שטודירן אין זי'ך גופֿא, אָן אַ ברעקל
שײַכות צו די איבעריקע דערשײַנונגען,,, זשיט,
אַ. אײַנשטיינס טעאָריע פֿון רעלאַטיוויטעט.
2. ספּעצ, אין קאַנטיאַנישער פֿילאָסאָפֿיע:
אומאָפּהענגיק פֿון דעם ווי דער מענטש באַנעמט עס
מיט זײַנע חושים און מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון

זײַן אינטעלעקט. די אומדערגרייכלעכע און
סודותדיקע זאַך אין זי'ך. 3. דזוו אי'ן זיך.
קלאָגן און װײנען אין זיך אַ ר ײַ ן. "דו האָסט
אויך אַזוי אין זיו געשוויגן,,, סעג, קאַפּריזן.
,,די כוואַליע... טראָגט אי'ן זי'ך די
בענקשאַפֿט נאָך אַ לאַנד,,, מלה, אין ניו־יאָרק. אויך
סובֿ. דער אינזי'ך, די וועלט פֿון אינזי'ך. דער
אינזיכניק, נעאָל, מאַטעס דײַטש.
אי'נזיכדיק — אַדי. וואָס איז אי'ן זיך.
דרויסנדיקער מוט מיט א'ן שרעק. ,,דער כּוח
פֿון דער שטילער א'ער מתנגדישער
פֿאַרנו...
רעטקייט אין תּורה ועבֿודה", ימ, אײנהייטלעכע
פֿאָלקשול, 1922. ,,געפֿירט אָ פֿאַרבאָרגענעם
א'ן קאַמף מיט זײַן... באַרופֿונג,,, א. ביק, זבֿ,
די שטימע פֿון טאָל, נ,,י 1940 ־יקייט —
.
א, פֿון די אמתע מאָטיוון.
אינזיכ־יזם — דער. בא. ריכטונג אין דער
יווישער פּאָעזיע (אויפֿגעקומען אין אַמעריקע
אַרום 1920) וואָס איז אויסן געווען ,די
אַנטוויקלונג, פֿאַרטיפֿונג און אויסברייטונג פֿון
אינטראָספּעקטיוון מעטאָד, (←
אינטראָספּעקטיוויזם). דער א, האַלט אַז דאָס דיכטערישע

וואָרט
דאַרף איבערגעבן די דרויסנדיקע וועלט אַזוי ווי
זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דיכטער גופֿא און די
דיכטערישע עקספּרעסיע ווערט צום בעסטן דער
גרייכט מיט מיטלען פֿון אַסאָציאַציע און
סוגעסטיע. דער מאַניפֿעסט פֿונעם א, (
אונטערגעשריבן פֿון י. גלאַטשטיין, א. לעיעלעס און נ.
מינקאָוו) איז פּובליקירט אין זב אין זיך, נ״י
1920. אַ צײַטשריפֿט אינזיך וואָס האָט גרופּירט
די מערסטע אָנהענגערס פֿון דער ריכטונג איז
אַרויסגעקומען מיט לענגערע הפֿסקות 1923 —
ביז 1940. ־יסט. ־יסטיש — אַדי.
אינזי'כיק — אַדי. וואָס איז אין זי'ך. א'ער
געדאַנק. ־יקייט — „אַן ענין פֿון מענטשנס
אינזי'כיקייט„, י. שיינבערג, איק, פּסח תּשט„ז.
אין זינען — אַדוו. אין קאָפּ, טראַכטנדיק
וועגן דעם, לייגנדיק אַכט אויף דעם. נאָר אַזוינס
ליגט אים א, ז, (מיט אַ פֿאָרוואורף). „געדענק,
נעם זיך עס אַרײַן א, ז“. „נעמט אַרײַן א, ז,
אַ צאָל, כּפֿלט עס אויף... נעמט אַראָפּ...„
„וויבאַלד מײַן ספֿר וועט שוין זײַן בײַ אײַך
גוט אײַנגעוואַקסן א, ז'...„ הרבֿ אַלכּסנדר
זיסקינד, איבז די הייליגע צוואָה, ווילנע 1881.
„מע נעמט ניט א, ז,... די יונגע ציגעלעך...„

מב"ם, הוגה דעות I, ווילנע 1912.
אין זינען האָבּן — צגז אַקוזוו. האָבּ א, ז',
א, ז, געהאַט. טראַכטן וועגן עפּעס, עס
בּשומאופֿן ניט פֿאַרגעסן. לייגן אַכט אויף עמעצן
אָדער עפֿעס. זוכן צו בּאַזאָרגן פֿאַרזאָרגן. א,
,
ז, ה, צו געבּן עסן דעם קינד. א, ז, ה, בּלויז
זיך און ניט טובֿת־הכלל. ,,האָבּנדיק דאָס אַלץ
א, ז, איז נייטיק...,,. שפּאָטיש: א, ז, ה, אין
דער לינקער פּאה, אין דער לינקער פּיאַטע.
,,אַ פּריץ האָט א, ז, פֿערד און הינט, אַ ייִד
האָט א, ז, ווײַבּ און קינד,,, שוו. ,,א, ז, ה,
אָנצוגרייטן אויף אַ בּן־זכר און אויף אַ בּרית,,,
א. זאָלאָטאַראָוו, ייִפֿאָל, 44 1882, No. ,,מע האָט
נאָר א, ז': ווען וועט מען אים שוין פּטור

אינזשעני()

וערן?,,, י. פּערלע, 'ניַין אַזייגער אינדערפֿרי',.
אויך א, זין ה', נר.
אינזיסטירן — אוטוו. ־טיר, אינזיסטירט. פֿפֿ:
~סיסטירן.) . < בּאַשטיין אויף
עפּעס מיט אויסדויער אָדער עקשנות. ,,דאָס
דאָזיקע וואָרט ווערט בּיַי אונדז [אַין

אַרגענטינע] ממש אומפֿאַרמײַדלעך,,, י. באָטאָשאַנסקי,
ייִשפּ II, 1 ▯X.
אין זיס(ן) און (אין) זויער(ן) — אַדוו
פֿראַזע. געקאָכט, צוגעגרייט מיט באָטראַוועס
וואָס גיבן צו אי אַ זיסן אי אַ זויערן טעם פֿיש
.
א, ז, און ז'ן. ,,ווינטערצײַט, ווען מע האָט
ניט געהאַט קיין פֿיש אויף שבת, האָט מען
אויסגעווייקטע הערינג געקאָכט א, ז, און א, ז'‘‘,
רייד (שאַוול, ליטע). ,,נאָכן באָרשטש פֿלעג איך
דערלאַנגען פֿלייש א, ז'ן און ז'ן‘‘, ש.
בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887.
,,אַ פֿויער, קאָך אים א, ז, און א, ז, — בלײַבט
ער פֿאָרט פויער,,, שוו [= וואָס מע זאָל ניט
טאָן מיט אים, ווי מע זאָל ניט ווען אים
אויסבילדן.]
אינזל — ← אינדזל. ,,אינזול — א',,, אב,
שמות דברים איזנע 1542. א'־וו א ו י נ ע ר —
,,איצונד ווערן דער שרעקן די אינזל וואונר אין
טאָג פֿון דײַנר מפלה,,, סהמ, יחזקאל, כו, 18.
א'ען־ז י צ ע ר — ,,און די א'־ז, ווען זיך
פֿרייען מיט דײַן מלוכה,,, מחזור של ר‘‘ה
ויוםכּפור פֿפֿדמ 1885, קמד.
,

אינזע'קט — דער, ־ן. פּפֿ: ~סעקט. ,
איַינגעשניטן'. גאַנץ קליינער און גרעסערער בעלחי אָן אַ חוט־השדרה, מיט דרײַ אײַנשניטן (בײַם קאָפּ, ברוסט און הינטערלײַב). געפֿינט זיך אומעטום אין אַ קאָלאָסאַלער צאָל אונטערמינים (1,500'000). א'ן ווערן אײַנגעטיילט אין ש ע ד ל ע כ ע און נ י צ ל ע כ ע. געזעלשאַפֿטלעכע א'ן. גראָדפֿליגלדיקע און הויט ▯ פֿליגלדיקע א'ן. צו א'ן געהערן: אָלע מינים פֿלאַטערלעך, גרילן, פּרײַסלעך, מאָלן, זשוקעס, בינען פֿליגן, מוקן, לײַז אאַ. „א'ן דאָס זײַנען

,

גלידער־פֿיסיקע בעלי־חיים וואָס אָטעמען מיט פֿרײַער לופֿט. דער גוף באַשטייט פֿון דרײַ טיילן: פֿון אַ קאָפּ, ברוסט און בײַכל; צום גוף זײַנען צוגעהעפֿט אַ פּאָר פֿיל־הערנער, דרײַ פּאָר פֿיסלעך און לרובֿ צוויי פּאָר פֿליגעלעך„, דר, איסעל איבז אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924. „פּערסישער א'ן־פּולווער„, קמ, No '1867 23. א'ן־וו ע ל ט.

אין זקן אלא מי שקנה הכמה — [איין זאָקן עלאָ מי שעקאָנאָ כאָכמע] זאַץ. תּח. <קידושין, לבֿ/ב. 'אַ זקן איז נאָר דער וואָס האָט אײַנגעקויפֿט (דערוואָרבן) חכמה'.

„א, ז'... אַפֿילו יניק וחכים, דשׂ איז טײַטש:
די (תּורה) האָט גזאגט, דוא זאָלשׂט (כּבֿוד)
אַן טאָן דען אַלטין — דשׂ איז גמיינט דער
איין (חכם) איז, ווען ער שוין יונג איז„
[= אַפֿילו אויבֿ ער איז נאָך יונג], שאַר,
הקדמה.
אינזשעני(ו), — אַדי <איי <ל. '
פֿרײַגעבוירן'. נאַטורעל, פֿשוט, נאַאיוו, אָפֿנהאַרציק.

אינזשעני'ר

א, ווי אַן אונטערוואַקסנדיקער דאָרפֿס־בּחור.
(טעאַטער) שפּילן אַן א, — שפּילן די ראָל פֿון
אַ נאַאיוו, אומשולדיק מיידל.
אינזשעני'ר — דער, ־ן. וונ דז. <איי <פֿר.
ווער עס איז אויסגעלערנט צו אַרבּעטן מיט
מאַשינען אָדער אויסטראַכטן, אויפֿשטעלן אַ
נײַע מאַשין. וויסנשאַפֿטלעך אויסגעבּילדעטער
(דיפּלאָמירטער) ספּעציאַליסט אין אַ פֿאַך וואָס
איז פֿאַרבּונדן מיט מאַשינען. א'ן־שול. א'־
טעכנאָלאָג. מיליטערישער א'. ציוויל־א',
כעמישער א'. עלעקטרישער א, אאַזוו. פֿאַראַן
צענדליגער מינים א'ן — לויט זייער
ספּעציאַליטעט, לויט דעם אָרט פֿון באַשעפֿטיקונג

(שטאָטישע אָדער מוניציפּאַלע אאַ). ג ע ט אָ ־
א, — ווער עס האָט אָן באַרעכטיקונג
פּיגורירט אין געטאָ (אונטער די נאַציס) ווי אַן א'.
„וואַרט, מײַן זון, ועסט ווערן אַן א', וועסטך
בריקן לייגן“, ה. זאָלאָטאַראָוו, שריפֿטן I. מיט
ביטול ווענן איינעם וואָס איז אַ ליידיקגייער:
„ער איז אַן א', ער מעסט די גאַסן“. —טשיק
פּקפּ אָדער מיט ביטול.

־יע — די. 1. קאָמפּליצירטע מאַשין. גרופּע
מאַשינען. 2. באַשעפֿטיקונג פֿון אינזשעניר.
־ערײַ. ־יש — אַדי. אַן א'ער אויפֿטו.
„... ווי אַזוי די מאָרדן זײַנען טעכניש און
א'יש צוגעגרייט געוואָרן“, יג, טמז, 24 l965 I.
־עווען — טרוו. זיך פֿאַרנעמען מיט דער
ארבעט פֿון אַן אינזשעניר. א אַ סך יאָרן.
,

אויך מיט ביטול: עפּעס קונציק אויפֿשטעלן.
„ער אינזשענירעוועט די נײַע מאָסקווע־
קאַאיראָאַקס“, צײַט, טמז, 24 1955 I ־סקע —

.

אַדי. רוסיצ.
אינזשעקטאָר — דער, ־ס. <איי <פּר
(<ענג) <ל 1. מכשיר צו מאַכן אַן
אײַנשפּריצונג פֿון אַ פֿליסיקער מעדיצין אונטער
דער הויט. 2. אַפּאַראַט וואָס פֿירט אונטער
וואַסער אויטאָמאַטיש אין קעסל פֿון אַ

דאַמפֿ

▯

מאַשין (כּדי צו דערגאַנצן דעם אויסגעדאַמפֿטן
קוואַנטום).
אין הבֿוש מתיר עצמו (מבּית
האסורים) — [איין כאָוויש מאַטיר אַצמוי מיבּייס
האָאַסורים] זאַץ. תּח. <בּרכות, ה/ב; נדרים,
ז/ב; סנהדרין, צה/א. אַ געפֿאַנגענער קאָן זיך
ניט בּאַפֿרײַען פֿון זײַן געפֿענגעניש (
געפֿאַנגענשאַפֿט). אַ געבּונדענער קען זיך אַליין ניט
אויפֿבּינדן. אין אַ שווערן מצבֿ מוז מען
אָנקומען צום חבֿרס הילף. ״א, ח'... — דער
געבּונדענער בּאַפֿרײַט זיך ניט אַליין״, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען ״וואָס וועט איר זאָגן?
א, ח'... — אַ תּפֿוס קאָן זיך אַליין ניט פֿרײַ

מאַכן? נו, ווער איך זיך מיט איַיך ניט שפּאַרן“,
יי◌ִ אַל, 1888, No 10.
אין הבַין לאָדם שלא בפַּניו — [...
כאָווין לאָאָדאָם שעלוי בּייפּאָנאָוו (בּייפּאָנאָוו)]
זאַץ. תּח <עירו◌ין, ז, יא; בּבַא מציעא, יב/א.
מע לייגט ניט אַרויף קיין פַּליכטן, מע
באַשטראָפַט ניט, מע פאַרמשפַּט ניט קיינעם אונטער
די אויגן. [די ערשטע העלפַּט: ,,זכין לאָדם שלא
בפַּניו“ — מען איז מזכּה אַ מענטשן, מע טוט

1

גוטס פאַר אים, אַפילו ווען ער איז ניטאָ
דערבּיַי.]
אין הדר אַריַין — אויך: אין תּפּי◌ה, אין
אָסטראָג. גיין א, ח, אַ, — אויך בּכלל גיין
זיך לערנען (אונטער אַ שטרענגער ד◌סציפּלין).
,,הכּלל, ווילט איר נישט גיין א, ח, אַ,, אַזוי
מוזט איר נאָך די וואָך ◌אַרלאָזן [דאָס לאַנד]“,
-

מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער ◌I,
דראָהאָביטש 1898. *שיקן א, ח, אַ, = אויך: שיקן

זיך צולערנען עפּעס.
אין הוששין ללעז — [איין כוישעשין
ליילאַאַז] זאַץ. תּח. <סנהדרין, ח/א. 'מע
רעכנט זיך ניט מיט רכילות'. „דו סטראַשעסט
מיך אַז דו וועסט מיך באַרעדן? א, ח, ל'“.

-

אין הזון נסרץ — [... כאָזוין ניפּראָץ] זאַץ.
תּח. <שמואל א, ג, 1. ,קיין אָפּטע זעאונג
איז ניט געווען„ תּי. געניצט מיטן בּ: עס
טרעפּט זיך זעלטן, ס'איז ניט קיין אָפּטע
דערשײַנונג. שפּאַסיק: „א, ח, נ, — דער חזן האָט
דאָס מאָל ניט צעמזיקט דאָס דאַוועגען“.
אין הכם בּהכמתו — [... כאָכעם
בּייכאָכמאָסוי] פּראַזע. <לויט אַל יתהלל ח, בּ',
ירמיה, ט, 22 [“זאָל זיך ניט רימען דער חכם
מיט זײַן חכמה“, תּי]. געניצט מיטן בּ: אויך
אַ חכם קען זיך בּאַנאַרישן. „ניט אומזיסט
זאָגט מען א, ח, בּ, — איך האָב זיך
בּאַנאַרישט“ (ייִשפּ XXIII, 2).

-

אין הכמה ואין תבונה ואין עצה —
[... כאָכמע, וועאיין טוואונע...] פֿראַזע אָדער
זאַץ. <משלי, כא, 30. [דאָרטן: לנגד ה, —
אַקעגן גאָט.] „ניטאָ קיין חכמה און קיין
פֿאַרשטאַנדיקייט און קיין עצה“, תּי. פּפֿ: אין
-
הכמה ואין עצה ואין תכונה. <בּחינת
עולס, א, ו. געוויינלעך קירצער: אין הכמה
.
ואין תכונה, אין הכמה ואין עצה.
גענוצט מיטן בּ: מע קען זיך ניט העלפֿן,
מע קען זיך קיין עצה ניט געבן; מע קען
ניט געפֿינען קיין אויסוועג; חכמה גילט דאָ
ניט. „ס'איז אַ צרה — און א, ח, וא, ע“.
„א, ח, וא, ע, — אַז עס טוט וויי די פּלייצע„,
פֿוול. „א, ח, וא, ע, נגד (קעגן) שלעכטע
קאָרטן“; „... נגד (קעגן) אַ שלעכט (פֿויל)
פֿערד“, שוו. דז אויך: א, ח, וא, תּ'... “א, ח,
וא, תּ, קעגן (נגד, כנגד, לנגד) פֿרוי פֿאָרטונע„,
שוו. „א, עצה (אייצע) וא, תּ, כּנגד [קיינעגעד]
פֿאַרעקשנטע פּריטשעפּעס“, שע טבֿיה.
אין הכמה לאשה אלא בּפֿלך — [...
לעאישאָ עלאָ בּייפֿעלעך] זאַץ. תּח. <יומא, סו/ב.
'די חכמה פֿון אַ פֿרוי איז נאָר אין וואָל (בּייַ

אַ שפּינראָד)', ד"ה די קלוגשאַט פֿון אַ פּרוי
דריקט זיך אויס נאָר אין זײַן אַ גוטע
בעלהביתטע. געניצט מיטן ב: מע דאַרף זיך ניט
האַלטן אַן עצה מיט אַ פּרוי.

אין הכם כבעל־(ה)נסיון — [... כאָכעם
קעבאַל־(האַ)ניסאָיען] זאַץ. תּח. צב <עקדת
יצחק, שער יד. 'ניטאָ קיין קליגערער פֿון אַ
געפּרוּווטן פֿון אַ דערפֿאַרענעם'. געניצט מיטן

,

ב: דערפֿאַרונג שטײַגט איבער קלוגשאַפֿט,
פּראַקטיק איז וויכטיקער ווי דאָס טעאָרעטישע

אין טאַטן אַרײַן

וויסן. ענלעך צו: „ניט פֿרעג (פֿרעג ניט) דעם
רופֿא פֿרעג דעם חולה„, שוו.

,

אין הלום בלא דבֿרים בטלים — [...
כאָלעם בלוי דוואָרים בעטיילי] זאַץ. תּח. <לויט
נדרים, ח/ב; ברכות, נה/א. ניטאָ קיין חלום
אָן פּוסטע רייד, אָן נאַרישקייטן. „אַ ייִד, אַ
בר־דעת זאָל נתפּעל ווערן פֿון אַ חלום? א, ח,
ב, ד, ב'„. „א, ח, ב, ד, ב'... אַ חלום איז
אַ זעכציק פּראָצענט פֿון נבֿואה", י. ד. טאָיב,

דער קדיש, ווילנע תרמ"ט. [די חכמי־התּלמוד
פּרוּוון צו נישט מאַכן גלייבּעכצן בּשײַכות
מיט חלוֹמות. ווען מע זעט אַ בּייזן חלום, זאָל
מען זיך ניט מצער זײַן, ווײַל מען איז שוין
אָפּגעקומען מיטן קאָשמאַר אינעם שלאָף.]
פּרגל: „דבֿרי חלומות לא מעלין ולא מורידין;
"אַ חלוֹם איז אַ נאַר און גאָט איז דער (אַ)
האַר„, שוו.

אין הקר ואין סו□ — [... כּייקער... סאָף]
פּראַזע. תּח. צבֿ. 'אין חקר, <ישעיה, מ, 28;
תּהליס קמה, 3 + 'אין סוף,. אָן אַ
דערפֿאָרשונג און אָן אַ סוף. געניצט מיטן בּ:
אומבּאַגרײַפֿלעך, אוממעגלעך תּוֹפֿס צו זײַן,
אומפֿאַרשטענדלעך (געוויינלעך וועגן רבּוֹנו־של־עולם).
„דער מענטש ווען ער געדענקט די גדולה פֿוּן
דעם בּורא יתבּרך, וואָס עס איז גאָר א, ח, ו,
ס',„ א. פּאַוויר, גדולת יוסף, תּקצ"ח.
אינטאַבּולירן — טרוו. ־ליר, אינטאַבּולירט.
'אויפֿשרײַבּן אויף אַ טאָוול, פֿאַרשרײַבּן אין

,

אַן אָ□ יציעלן דאָקומענט. אין ספֿר שו"ת
הרבֿ שמעון גרינ□עלד, סעמיהאַלי (אונגאַרן),
רעדט זיך וועגן אַ הויז וואָס איז אָפּגעשריבּן

אויפֿן ווײַבס נאָמען: „אינטאַבוליערט על שמה„..
אין טאָג אַרײַן — אַדוו פֿראַזע. 1. ביזן
אָנקום פֿון טאָג. הוליען אָ גאַנצע נאַכט ביז
א, (העלן) ט, אַ'. 2. זייער שטאַרק, מיט
גוזמאָות, ספּעצ מיטן ווערב ל ו י ב ן. „מײַן
בעל־הבית לויבט אַבֿרהמלען א, ט, אַ'„, פּרץ,
דראַמ, שריפֿטן 3. מיט די העכסטע פּרײַזן
— מיטן ווערב צ אָ ל ן (זיך). "אַזאַ סאָרט
סחורה צאָלט זיך א, ט, אַ'„. „טיטין,
בראַנפֿן... פּערל, בריליאַנטן צאָלן זיך א, ט אַ',
,
כאָטש זיי זענען כמעט גאָרניט ניצלעך„, י. מ.
ליפֿשיץ, קמ, No '1867 31. "צאָל פֿראָצענט
א, ט, אַ', אַבי קריג געלט", ייִל איבז, לעסינג,
נתן החכס, אַדעס 1884. „אין די פֿריִערדיקע
צײַטן פֿלעגט מען עס האַלטן פֿאַר אַ גרויסן
כּבֿוד [דאָס אָנצינדן ערבֿ־שבת ליכט אין שול]
און מע פֿלעגט דערפֿאַר צאָלן א, ט אַ'", י.
,
שפּיראָ איבז, דר, נ. ה. עהרמאַן, דער בעל שם
פֿון מיכלשטאַדט, וואַרשע תּרפּ„ה.
אין טאָטאָ — פֿראַזע. ל. 'אינגאַנצן, (אין
שײַכות מיט אַ מיינונג פֿאָרשלאָג אדגל).
,

אָננעמען דעם פֿלאַן א, ט'. באַצאָלן א, ט,.
[געניצט ביַי פֿאַרשיידענע יורידישע ענינים.]
אין טאַטן אַריַין — פֿראַזע. אויך: אין
טאַטנס־טאַטן אַריַין. קומט נאָך די
ווערבן: שעלטן, זידלען, זאָגן אאַ. דאָס פֿולע
זידלוואָרט: א רוח אין דיַין (זיַין, איַער, זייער
אע) טאַטן (טאַטנס טאַטן) אַריַין. ,,אַז אַ חסיד

אין טאַטנס באָב

ווערט אַן אויפֿגעקלערטער שילט ער גאָט א,
ט, א,“ פֿוול. ,,וויפֿל מאָל אַן ערך האָט זי
גע־ ,
לייזט פֿון דער בעל־הביתטע א, ט, אַ'“, מ.
דלוגאַטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881. ,,די
קצבים... שעלטן און זידלען... א,
טאַטנסטאַטן אַ',,, יודישער פֿאַר פסח, וואַרשע 1881.

-

אין טאַטנס באָב — [... בעאָ'וו] פֿראַזע.
דזוו אין טאַטנס טאַטן אַריַין [חכמהלע: 'טאַטע,

ווערט פֿאַרבּיטן מיט אָבֿ].

אינטאָנ▯אַציע — די, ־ס. <איי <ל. 1. (מוזט) אָנשטעלונג (פֿון אינסטרומענט אָדער שטים) אויף אַ מעגלעכסט ריינערן (מער ריכטיקן) טאָן. אופֿן טרעפֿן דעם קלאַנג פֿון מוז▯קאַלישע נאָטן. אויך: אויסגלײַכונג פֿון פֿאַרשיידענע טענער און זייער קלאַנגענפֿאַרבּ. גוטע א'. א'־אַנאַליז. 2. (שפּראַך) מאָדולאַציע פֿון דער שטים, טאָן פֿון דער שטים, אופֿן אַרויסרעדן אַ וואָרט, אַקצענטירן אַ טראַף. לײַכטע, ערנסטע, איראָנישע אאַזוו א'. ,,דער אייבּיקער וואַנדערער', האָט זי אים... מעלאַנכאָליש... נאָכגעזאָגט מיט אַ טראַגישער א',, שע, אין שטורם ,,אַ ריכטיקע ייִדישע א'... און אַ ריין ייִדישע מימיק‘‘, מוק, טעאַטער און ייִד, טעאַטער. ,,בּנוֹגע צום טעאַטער דאַרף עס הייסן: 'דער ייִדישער זשעסט, די ייִדישע טעאַטראַלע ליניע, די ייִדישע א''‘, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ,,הײַנט רעדן זיי... 'ייִדיש געצערטלט, מיט אַ מער מוזיקאַלישער א',,, גרינ, טאַגבּוך... ־אַציאָנע'ל — אַדי. דער א'ער מאָמענט אין מוזיק. א'ע אָפּשטעלצייכנס. ־ירן — טרוו. 1. אײַנשטעלן די שטים אָדער דעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט אויף אַ

באַשטימטער הייך. 2. העכערן אָדער בײַטן
דעם טאָן בײַם רעדן אָדער פֿאָרלייענען.
באַטאָנען עמפֿאַטיש אָ וואָרט אין זאַץ. „די פּוילישע
ייִדן א אַנדערש ווי די אוקרײַנער„ ־ירונג.

, .

אינטאָקסיק□ירן — טרוו. ־קיר,
אינטאָקסיקירט. <איי <ל. אָפֿט געניצט אין ייִדיש
פֿון שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער. 1
פֿאַר.
סמען ביסלעכווײַז, בהדרגה (במשך אַ קירצערן
אָדער אַ לענגערן צײַטאָפּשניט) דורך אַרײַנפֿירן
אין אָרגאַניזם, דורך אײַנעטעמען אַ גיפֿטיקע
סובסטאַנץ: שטיקשטאָף, שוועבל פֿאַרדאָרבענע

,

לופֿט אדגל. 2. דערפֿירן צו אַ צושטאַנד פֿון
זײַן שיכּור. א, עמעצן מיט אַלקאָהאָל. אויך
פֿיג. א, מיט שיינע ריידעלעך, מיט שאַרפֿע
בליקן. □אַטי'וו — אַדי. ־אַציע.
אינטאַרס יע — די. בא. <איי <איט.
מאָזאַאיק פֿון פּערלמוטער און
קאָסטעווודיקן מעטאַל, אײַנגעאַרבעט
אין האָלץ. אויך: באַפּוצונג פֿון
האָלץ אויף האָלץ. דעקאָראַציע פֿון
לוקסוס־מעבל, טירן, פֿענצטער אאַ.

שטאַמט פֿון אַנטיקן מצרים. געווען פֿאַרשפּרייט אין איטאַליע פֿון 15.
י,,ה. ־יסט — ווער עס
פֿאַרנעמט זיך מיט אינטאַרסיע. ־ירן — טרוו.

1293

אינטואיטי'וו — אַדי. 1. וואָס ווערט
אויפֿגענומען אָדער באַנומען דורך אינטואיציע
(←). וויסן עפּעס, פֿאַרשטיין א'. פֿילן עפּעס
א,. א'־קינסטלערישע כּוחות. גיכער א, איידער
שׂכלדיק. א'ער מעטאָד. ,,אַפֿילו ער אַליין קען
ניט האָבן וועגן זיך קיין קלאָרן באַגריף, אויב
ער באַגרײַפֿט ניט זײַנע א, געשאַפֿענע ווערק“,
שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ,,אין
מאָדערנע קאַטעגאָריעס מיינט חכמה דאָס א'ע
דענקען, דאָס אויפֿלײַכטן פֿון געפֿילס־שׂכל,
דאָס ערשטע אויפֿבליצן פֿון די יסודות פֿון

,

די עיקרים אָדער אַקסיאָמען“, הרבֿ י. ד.
סאָלאָווייטשיק, 'דרשה', תּשכ,,ב. ,,זוכן מיר אַן
אויסוועג אין מער פּאָעטישע, ריין־א'ע, איך וואָלט
אַפֿילו געזאָגט איבערשׂכלדיקע,

איבֿערמענטשלעכע, אײבֿיקע און הײליקע פֿאָרמען און אויסדרוקן,,, א. מענעס פֿאָר, 30 □ 1963 I.

,

2. תּיכּפֿדיק, דירעקט, װאָס באַזירט זיך אויף געפֿיל. ,,איך זע (פֿיל) א אַז מע װיל אײַך אָפּנאַרן,,.

,

אינטואיטי □ װי'זם — דער, ־ען. 1. יעדער מין שיטה װאָס באַזירט זיך דערעיקר אויף אינטואיציע. 2. (עטיק) שיטה װאָס האַלט אַז גרונט־יסוֹדות פֿון עטיק קענען ניט און דאַרפֿן ניט באַװיזן װערן אויף אַ לאָגישן אוֹפֿן, נאָר אַז ס'איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע פֿעאיקײט גלײַך און דירעקט אויפֿצונעמען זײער ריכטיקײט אָדער פֿאַלשקײט. 3. (טעאָריע פֿון װיסן) שיטה װאָס האַלט אַז דאָס עיקרדיקע פֿון גאַנצן מענטשלעכן װיסן קומט ניט דורך לאָגישע אויספֿירן אָדער חושימדיקער דערפֿאַרונג, נאָר דורך דירעקטן אַרײַנבליק אין מהות פֿון דער װעלט אַרום אונדז. ־װי'סט. ־ װיסטיש — אַדי.

אינטו □ איציע — די, ־ס. <איי <ל. '
אַרײַנבליק', 'דאָס זען אינעװײניק,. ← אבֿנתּא

דליבֿא, 24. ‎1. פֿעאיקייט, כּוח צו באַנעמען
עפּעס אָן לאָגישן אַנאַליזירן, אָן דעם יסוד פֿון
חושימדיקער דערפֿאַרונג, נאָר גלײַך און
דירעקט, ווי דורך אַן אויפֿבליץ (אָן דעם אָפּגעבן
זיך אַ קלאָרן דין־וחשבון ווי אַזוי מען איז
געקומען צום רעזולטאַט). „אָט די דאָזיקע
ספּעציפֿישע א, פֿון אַ געלײַטערטן, רעליגיעזן
וועלטבאַנעם... זאָל זײַן... די
פֿריווילעגיעבאַגאַבונג פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק„, גרינ, איד
און וועלט. „א, איז אַלצדינג, אינטעלעקט איז
זייער ווייניק'... ד„ה ניט פֿון דרויסן, נאָר
פֿון אינעווייניק... נאָר דער וואָס פֿאַרשמעלצט
זיך מיט דער וועלט קען זי תּופֿס זײַן“, קאָר I.
‎2. פֿעאיקייט אָדער כּוח צו דערבליקן דעם
תּוך פֿון אָן ענין, די שײַכות צווישן ענינים,
דעם עיקר אָדער מהות פֿון אַן אידיי(ע), אַ
סיטואַציע פֿון אַ מענטשן, — דורך אַ מין
-
,
דירעקטן אַרײַנבליק (צומאָל אויך אָן
אָנשטרענגונגען). א, פֿון אַ פֿרוי. קינסטלערישע א'. מיט
אַ געזונטן חוש און מיט א, עפּעס אויפֿנעמען,
באַנעמען. „עס בלײַבט אַ געוויסער שטח פֿאַר
דער א, פֿון דעם [שפּראַך־]נאָרמירער, וואָס ער
דאַרף דערפֿילן, דערטאַפּן... די לעבעדיקע

טענדענצן אין דעם לשון. אָבּער א, איז ניט

אינטי'ם

סתּם אַ הלום..., נאָר דער כּוללדיקער
איַינדרוק פֿון אַ גרויסער צאָל פֿאַקטן און
פֿאַקטעלעך,,, ימ, ייִשפּ III ׳י2 ,X. ,,בּראַנדעס האָט
געהאַלטן, אַז דער יסוד פֿון אמתער קריטיק
איז א',,, שנ, קריטיק און קריטיקער. ־
איציאָניזם. ־איציאָניסט.
־אירן — אוטוו. ,,א', אַרײַנדרינגען אין דעם
קערן, דעם עצם פֿון דעם לעבּעדיקן פּראָצעס
קאָן דער מענטש אינסטינקטיוו", קאָר I. ,,בּינה
בּאַציט זיך אויף דעם דיסקורסיוו אַנטוויקלטן
-
שׂכל... די חכמה אינטואירט און פּאָסטולירט,,,
הרבֿ י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'דרשה, תשכ"ב.
־איסט.
אין טובֿ אלא ת׳רה — [איין טויוו (טאָוו)
עלאָ טוירע] זאַץ. תּח. <אָבות, ו, ג; בּרכות,
ה/א. 'גוטס איז נאָר (די) תּורה'. געניצט
מיטן בּ: ניטאָ קיין בּעסערע זאַך ווי תּורה.
ענלעך צו: "תּורה איז די בּעסטע סחורה,,..
אינטוירן — דער, ־ס. אַמ. נר. דזוו

אינטערניסט ״.

אינטוריסט — דער. (קירצונג פֿון ' אינאָסטראַני טוריסט, = אויסלענדישער טוריסט).
1. סאָוועטישער מלוכה אַמט פֿאַר טוריסטיק -

פֿון מחוצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מיט אָפּטיילונגען אין אַ סך לענדער. פֿאָרן קיין מאָסקווע דורכן א,. 2. (קאָלאָקוויאַל) אויך דער טוריסט וואָס ווערט באַדינט פֿון א'. הײַ־יאָר זײַנען געווען אַ סך א'ן.

אינטי'ם — אַדי. <איי <ל. 1 וואָס איז טיף־אינעווייניק, באַהאַלטן, פֿאַרהוילן. א'ע געפֿילן. דער א'ער איך. ,,איך האַלט שטאַרק פֿון מענטשלעכן וואָרט וואָס ווערט דערוואַרעמט... מיטן אייגענעם א'ען מהות,,, הל, צוק, נאָוו, 1954. 2. האַרציק, נאָענט, געטרײַ. א'ער פֿרײַנד, א'ע שײַכות. זיך באַגריסן א'. ,,געווען איז קיינער אים קיין פֿרעמדער פֿון איטלעכן

,

געהערט די שטים; און שעפֿער פֿון די ווײַטסטע לענדער באַנומען נאָענט און א',,, אַר, 'געאָרג בראַנדעס'. ,,א'ע ווינטעלעך פֿלעגן אים טשוכען,,, יהואָש ״ 'דער עפּלבוים'. 3. חבֿריש, היימיש, האַרמאָניש. א'ער יום־טובֿ. א'ע

אַטמאָספֿער. ,,געשמועסט האָבן מיר א, פֿון שיינע
פֿרויען און פֿון גאָט,,, יהואָש, ,די שוואַרצע
טיר'. ,,טוט דורכן צימער אַ שוואונג און
אַ שימער, / שאָטנס אַ שטיפֿעריש שפּיל, /
ווערט מיר פֿאַראיינפֿאַכטער אַלץ און א'ער /
און אַזוי שטיל, אַזוי שטיל,,, אַל II, 'שאָטנס'.
4 פֿאַרטרוילעך, צוטרוילעך, וואָס דאַרף
.
בלייַבן אַ סוד, דיסקרעט, וואָס איז שייך נאָר
צו צוויי פּערזאָן אָדער צו אַן ענגן קרייַז. זײַן
א, מיט עמעצן. אַ א'ער קרײַז. אַן א'ער
שמועס. א'ע בּ אַ צ י א ו נ ג ע ן — אויך
אייפֿעמיזם פֿאַר סעקסועלע בּאַציאונגען. א'ע
פֿאַרהאַנדלונגען פֿאַראַן אַ שטילקייט אין אים אַן
. ,,
א'ע, אָ פֿאַרשלאָסענע שטילקייט", יג, אין תּוך I.
־נע — פֿטמ. א'ע פֿרעמדע זאַכן. ־יטעט —
דזוו אינטימקייט. ,,יאָרן חבֿרשאַפֿט מוזן פֿירן
צו א',,. אויך: ־יש — אַדי. ־ישקייט.

אי'נטימאָ
אי'נטימאָ — די, ־ס. (אַנאַטאָמיע) אַ דין,
עלאַסטיש הײַטל וואָס בּאַדעקט פֿון אינעווייניק
אַן אָרגאַן, ספּעצ די בלוטגעפֿעסן. די א, פֿון

ד אַרטעריעס.
י

אינטימקייט — די (דאָס), ־ן. באַגריף,
אייגנשאַפט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אינטים.
האַרציקייט, נאָענטקייט, אינעווייניקייט,
פּנימיותדיקייט. די א'ן פֿון דעם קינדס לעבן. „אידעאַליזם
איז אַן איידל בלימל וואָס נייטיקט זיך בײַם
בליִען אין ליבשאַפט, א„ האַרציקייט,„ ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922. „.... דעם
אינעווייניקסטן געפֿיל פֿון אידענטישקייט און א,
וואָס קומט ווי אַ פּועל־יוצא פֿון אַ פּסיכישער
סטרוקטור„, מוו, 'זיגמונד פֿרויד', ייִבל XI.
אינטעגער — דער, ־ס. 1. פֿולע גאַנצקייט.
2. (מאַט) גאַנצע צאָל.
אינטעגראַ'ל — אַדי & סובֿ, דער, ־ן. <איי
ל>. 1. (דאָס) וואָס איז גאַנץ, איז אַ פֿולע
גאַנצקייט פֿון פּרטים. (דאָס) וואָס איז אַ פֿולער
קאָמפּלעקס אָן שום דורכלאָזן. אַן א'ער
מענטש. אַן א'ע האַנדלונג. "גאָט איז דער א„
די סומע פֿון די אומענדלעכע מענטשלעך־
וועלטלעכע פֿאַרשווינדנדיקע קליינע אונטערשיידן",
קאָר 2 .I. (דאָס) וואָס נעמט אַרום אַלזײַטיק.
א'ע יי דישקייט. א'ע קולטור־אַרבעט. „אָבער
גאנדי פֿאָדערט דווקא אַ גרויסן פֿאַראייניקטן

—
,
א'ן שטאַט“, גרינ, איד און וועלט. 3. (דאָס)
וואָס מע קען (טאָר) ניט אויסשליסן פֿון אַ
גאַנצקייט. א'ער עלעמענט. א'ער אבֿר. א'ער
טייל פֿון אַ פּראָבלעם. „אַלט־ירושלים איז אַן
א'ער טייל פֿון די אַנדערע שטאָטטיילן„..
4. (מאַט) טערמין אין אַ מאַטעמאַטישן
אַנאַליז, אין קאַלקולוס. אויבֿ איין פֿונקציע אַיז
דעריוואַטיוו (וואַקסט אַרויס, איז אָפּהענגיק)
פֿון אַ צווייטער פֿונקציע, איז די צווייטע
פֿונקציע דער א, פֿון דער ערשטער. 2 איז אַן א,
פֿון 2. אַלע פֿונקציעס פֿון) + 2 [ ) איז
אַ קאָנסטאַנטע] זײַנען א'ן פֿון 2. א'ער
קאַלקולוס פֿאַרנעמט זיך מיטן באַשטימען דעם
שטח אונטער אַ קרומע. פּשוטער, איינפֿאַכער;
איינציקער, צווייפֿאַכער, צווייאיקער אאַזוו
פֿיל,
פֿאַכער, (אומ)כּאַשטימטער א'.
איבערגעחזרטער, אינטעגרידטער א'. א'־חשבון. א,־
רעכענונג.
“אויף ייִדיש לערנט מען וועגן א'ן און
דיפֿערענציאַלן אין לעצטן קלאַס [פֿון ווילקאָמירער
ייִדישער רעאַל־]גימנאַזיע“, ימ, קוד, 1938.

־קייט — די גאַנצקייט און א, פֿון דער
ייִדישער מדינה ־יזס — שיטה וואָס
.
שטרעבט צו אינטעגראַלקייט. ־יסט — אויך:
מיטגליד ון בראַזיליאַנער פֿאַשיסטישער
פֿאַרטיי.
אינטעגראַ'נד — דער, ־ן. (מאַט) דער מאַט,
אויסדרוק וואָס דאַרף ווערן אינטעגרירט.
אינטעגראַ'נט — אַדי & סוב, דער, ־ן.
(דאָס) וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל, אַ
קאָמפּאָנענט.
אינטעגר ירן — טרוו. ־ריר, אינטעגרירט.
1. אַרײַננעמען, אײַנשליסן אין אַ גאַנצקייט.
כּולל זײַן. שאַפֿן אַ גאַנצקייט פֿון באַזונדערע

1294

טיילן. צונויפֿבינדן, צונויפֿשמעלצן טיילן, גרו
פּעס אין אַ גרעסערער איינהייט. א, די
אימיגראַנטן אין אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ. א, די
באַפֿרײַטע פֿאַרברעכערס אין דעם נאָרמאַלן
לעבן. 2. (מאַט) געפֿינען, אויסרעכענען
אינטעגראַלן אָדער מיט דער הילף פֿרן

אינטעגראַלן. געפֿינען די גרענעץ, דעם ענדפּונקט, דעם
שטח פֿון אַן אומענדלעכער צאָל
אומענדלעדקליינע גרייסן. אינטעגריר־מעטאָד.
אינטעגרירמערער(־כּפֿלער).
מיט ז י ך — „עס וואָלט אָבער געווען פֿאַלש
צו בּאַהויפּטן, אַז זיי האָבּן דאָרטן קיין
וואָרצלען ניט געשלאָגן, אַז זיי האָבּן זיך דאָרטן
לגמרי ניט אינטעגרירט“, גרינ, איד און וועלט.
־אַטאָר — ווער עס אינטעגרירט. מיטל צום
אינטעגרירן. מיטל צו געפֿינען דעם נומערישן
ווערט פֿון אַן אינטעגראַל ־אַציע —
פּראָ.
צעס אָדער רעזולטאַט פֿון אינטעגרירן. היפֿוך
פֿון סעגרעגאַציע. א, פֿון בּאַזונדערע לימודים
אין איין לערן־פּלאַן. א, פֿון די שוואַרצע אין
דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבּן. —ירונג
— געזעלשאַפּטלעכע א.. ־יטעט —
פֿולקומע גאַנצקייט. אויך: עכטקייט, ערלעכקייט.
אינטעגרירט — אַדי. די א'ע טיילן.
־קייט.
אינטעליגע'נט — אַדי. <איי <ל. 1. וואָס
פֿאַרמאָגט אינטעליגענץ (←) פֿאַרשטענדיק,
—
.
שׂכלדיק. א'ער קאָפּ. אויסערגעוויינלעך א'!.

גענוג א, צו פֿאַרשטיין, צו באַנעמען. זאָגן (
ענטפֿערן, האַנדלען אאַ) אויף אַן א'ן אופֿן. 2.
געבילדעט, געלערנט, וויסיק, אינ אָרמירט.
ציוויליזירט. „מע דאַרף זײַן א, צו פּראַקטיצירן אַ
פֿרײַע פּראָפֿעסיע“. אַן א'ע פּראָפֿעסיע. „
מיטאַמאָל איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ ייִדישער א'ער
געזעלשאַפֿט“, ספּ, סודות. 3. וואָס האָט די
פֿעאיקייט צו לערנען, זיך צו בילדן,
אויפֿצונעמען פּראָבלעמען. וואָס קען זיך אָריענטירן
אין נײַע סיטואַציעס. א'ע קינדער. א'ער
תּלמיד. א'ער אַרבעטער. גאָרניט א'. האַלב־א,.
4. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר (אַ
מיטגליד פֿון) דער אינטעליגענציע. אַן א, באַנעמען
זיך. “'זשאַרגאָן, האָט געהייסן 'תּחינה־לשון,
און אַן א'ער מענטש האָט עס נישט גענומען
אין מויל אַרײַן“, רעד, גרשם באַדער, יודישער
פֿאָלקסקאַלענדאַר, לעמבערג תּרע„א. “... בײַ
אַ יונגנמאַן מיט אַן א'ן רוסישן פּנים„, סעג,
פֿון רוסלאַנד, וואַרשע 1920. אויך מיט ביטול.
„געווען איז עס אַן א'ער אויפֿטו“, נאָמ, בוך
פֿעליעטאָנען, וואַרשע 1924 ־קייט.

.

־נע — פֿטמ. „צוליב דײַנע קרענק מוזסטו
זיך אויסקלײַבן אַ וועלכן ניט איז א'נעם

באַרוף", דטש, ווילנע. ־נעקייט.
אינטעליגע'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס פֿאַרמאָגט אינטעליגענץ (←). ווער עס איז אינטעליגענט (← ד וו, בבֿ 1־3). אַ פֿאָלקס־א'. אַן ענטפֿער פֿון אַן א'. מאַכן אַן אָנשטעל פֿון אַן א'. 2. ווער עס געהערט צו דער סאָציאַלער גרופּע אינטעליגענציע (..). אַ יִדישער א'. אַ רוסישער א'. אַן א, אַ קאַריעריסט. „חוץ זיי זײַנען געווען דאָרטן א'ן

אינטעליגענציע

כּל־הסאָרטן,,, ש. פּרוג, שריפֿטן. „אַן א'קע פֿון ערבֿ דעם קריג", בצג, טמז, 15 XI 1953. „אַלע א'לעך חנפֿענען אים, קראַצן אים די פּיאַטעס", א שעכטמאַן, ערבֿ. ש פֿ אָ ט־פֿאָרמען: הינטעליגענט, שמינטעליגענט, ציליגענט.
־יזירן — טרוו. מאַכן פֿאַר אַן אינטעליגענט. „דאָס זײַנען קורסן... וואָס לאָזן דעם אַרבעטער זיך רעכט ניט אויסשלאָפֿן... און אָט די מידקייט... אינטעליגענטיזירט", נס, הויפּטשטעט, מאָסקווע 1934.
־יש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ אָן

אינטעליגענט. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן
אינטעליגענט. "דער דור איז פֿאַרכאַפּט פֿון
דער רוסישער א'ער איבעריקייט, איז גײַסטיק
צעבראָכן", ימ, נײַס, 1923. "האָט ער געפֿילט
-
די פֿראַזע, וואָס קלאַמערט זיך אין א'ע
אַבסטראַקציעס", צײַט, טמז, 6 XI 1964 -
יש.
קייט. ־ערײַ — (מיט ביטול) סכום
שטריכן אָדער טואונגען פֿון אַן אינטעליגענט.
אינטעליגע'נץ — די, ־ן. 1. סכום
גײַסטיקע פֿעאיקייטן פֿעאיקייט אויפֿצונעמען

שײַ

כותן צווישן זאַכן און דערשײַנונגען. פֿעאיקייט
אויסצוניצן דעם אינטעלעקט וואָס מע
פֿאַרמאָגט אײַנצוזאַפּן נײַע ידיעות און קענטענישן,
צו דענקען, צו אורטיילן, זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן
אין נײַע סיטואַציעס (און צופּאַסן די
אויפֿפֿירונג צו זיי). נאַטירלעכע, אײַנגעבוירענע,
מיטגעבוירענע א'. אַנטוויקלטע א'. שאַרפֿע,
לעבעדיקע, ברייטע, אַלזײַטיקע אאַ א'. קנאַפּע,

שוואַכע אאַ א'. א, פֿון בעלי־חיים. דעם מענטשנס א,. דעם ייִדנס א'. די א, פֿון אַ יחיד פֿון

,

א גרופּע. די א, פֿון אַ תּלמיד־חכם פֿון אַ ייִד

—

,

אַ פּיקח.

א'־וו י פֿ ל ע ר , אויך א'־קאָעפֿיציענט — צאָל וואָס פֿרווּוט באַצייכענען די א, אויפֿן סמך פֿון אַ טעסט [געוויינלעך ווערט די צאָל וואָס באַצייכנט דעם 'גײַסטיקן עלטער', געכּפֿלט אויף 100 און געטיילט אויפֿן כראָנאָלאָגישן עלטער].

דער א'־וו, ווערט באַצייכנט)1. "דער א'־וו, פֿון אַ סוביעקט איז די פּאַרהעלטעניש פֿון זײַן גײַסטיקן עלטער צום כראָנאָלאָגישן,,, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. א'־ט ע ס ט. "דער גלויבן אין דער אומאָפּפֿרעגלעכקייט [פֿון די א'־ט'ן] איז שטאַרק געפֿאַלן", מוו, דאָרטן. א'־ס ק אַ ל ע. [אין ריגע האָט מען סוף צוואַנציקער יאָרן 20. י"ה אויסגעאַרבעט אויף ייִדיש אַן א'־ס, און דורכגעפֿירט א'־ט'ן אין די ייִדישע שולן פֿון לאַטוויע.]

2. דזוו אינטעליגענציע. ← דווווו די ייִדישע פֿאָלקס־א,. די ראַדיקאַלע רוסישע א'. "דער גרעסטער טייל פֿון דער ייִדישער ליבעראַלער

בּורזשואַזיע און א'... האָט מיט דער
גרעסטער התמדה פּראָפּאַגאַנדירט די אַסימילאַציע,,,
צו דער נאצ אָנאַלער פּראַגע, זשענעוו 1905.

אינטעליגענציע — די, בּא. <רוס. שיכט,
גרופּע מענטשן וואָס האָבּן בּאַקומען אַ
גרינדלעכע בּילדונג אָדער זיך אַליין געלערנט און
דערמיט געוואָרן אַנדערש ווי די גרויסע

אומאינטעליגענשטשינע

געבּילדעטע פֿאָלקסמאַסע. [געוויינלעך מענטשן
פֿון פֿרײַע פּראָפֿעס עס אין אַ תּקופֿה ווען זייער
צאָל איז רעלאַטיוו קליין. פֿאַראינטערעסירט אין
אַקטועלע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבּלעמען, מיט
אַ ליבּעראַלן אָדער ראַדיקאַלן אײַנשטעל און מיט
אַ בּאַגער צו קעמפֿן פֿאַר פּאָליטישער,
עקאָנאָמישער און קולטורעלער אויפֿריכטונג פֿון די
פֿאָלקסמאַסן.] די רוסישע א, אונטערן צאַרישן
דעספּאָטיזם. די אידעאָלאָגיעס פֿון דער א'. די
פֿוילישע א'. די א, פֿון די כּלומרשט
ניטהיסטאָרישע פֿעלקער. [אין טראַדיצ אָנעלן
ייִדיי
שן לעבּן זײַנען די תּלמידי־חכמים געווען די א'.

װעלטלעכע ייִדישע א, קומט אויף מיט דער
השׂכּלה. איין שטראָם פֿון דער א, איז געװען
פֿאַר דעם אַז ייִדן זאָלן איבּערנעמען דאָס לשון
און די קולטור פֿון דעם הערשנדיקן פֿאָלק; אַ
צװייטער שטראָם איז געװען פֿאַרן בילדן און
הייבּן דאָס פֿאָלק צו אייגענער קולטור. אָט
דער צװייטער שטראָם איז געװאָרן דער
שטאַרקערער זינט די 80ער יאָרן פֿון 19. י,,ה.] די
ייִדישע א, װאָס האָט געשאַפֿן די נאַציאָנאַלע
און סאָציאַלע בּאַװעגונגען. די פֿאָלקס־א, װאָס
האָט געהאָלפֿן דערהייבּן ייִדיש.
אינטעליגענשטשינע — די. בּא. רוסיצ. מיט
בּיטול. 1. דזוו אינטעליגענציע. 2. דזוו
נעגאַטיװער שטריך פֿון אַן אינטעליגענט. ,,
װיכּוחים, אַמפֿערנישן, האָר־שפּאַלטערײַ — די
שװאַכקייטן פֿון א',,..
אינטעלע'קט— דער, ־ן. >איי >ל. 1. שׂכל.
מענטשלעכע פֿעאיקייט און כּוח צו טראַכטן,
דענקען, אַנאַליזירן, פֿאַרשטיין (להיפּוך צום
בּלויז חושימדיקן שפּירן, צו דער װעלט פֿון
געפֿילן און צום װילן). אָרעמקייט (רײַכקייט)
פֿון א'. ,,מיט דער הילף פֿון אונדזער א'...
זאָלן מיר אַזוי שטאַרק ראַציאָנאַליזירן דאָס
װירטשאַפֿטלעכע לעבּן אַז...,,, גרינ, מענטשן

און ווערטן. „א, האָט בײַ אים געמיינט, ניט
אונדזער לאָגישער שׂכל, ניט די אומפֿולקאָמע
מאַשין וואָס מיר אָפּערירן מיט איר, נאַר אַ
שאַפֿנדער אייגענער כּוח וואָס איז
צונויפֿגעשמאָלצן מיט דעם אין־סוף„, קאָר 2 .I. דזוו
אינטעלעקטואַל. פֿערזאָניפֿיצירונג פֿון א'.
מענטש וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ מאַכטיקן
א,. (דער) רמכּם דער א, פֿון מיטלעלטער.
אינטעלעקטואַ'ל — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס &
ווי מענלעך. ווער עס איז אין זײַן
אינטעליגענץ אַ סך העכער ווי דער דורכשניט, ווער
עס איז אַרײַנגעטאָן אין אַבסטראַקטע ענינים,
אין טעאָרעטישע פּראָבלעמען. ווער עס האָט
אַ סך ידיעות און שׂכלדיקע פֿעאיקייטן. די
בּרייטע האָריזאָנטן פֿון אַן אמתדיקן א'. "שוין
באַגעגנט מענטשן מיט אוניווערסיטעט־בּילדונג
וואָס זײַנען ניט קיין א'ן". "... מיט
געשליפֿענע האַלבּע בּרילן, מיט... אַ פּנים פֿון אַן
א',,, מ. גראָסמאַן, היימיש, 1961, ◻ יI־ ◻ י. אויך
אַדי. דזוו אינטעלעקטועל ←. א'ע
פֿעאיקייטן. ־יטעט. ־קייט.
אינטעלעקטואַלIיזירן — טרוו. ־זיר,
אינטעלעקטואַליזירט. דורבנעמען, אַנאַליזירן מיטן

כּ□ח פֿון אינטעלעקט. זוכן און געפֿינען
שׂכלדיקע מאָטיוון וואו עס איז אויך פֿאַראַן געפֿיל
אָדער ווילן. א, אַ גלויבן. „איז פֿאַראַן אַ
ייִדישע נייגונג צו א'?„. ־יזירונג — „ייִדישע
פֿאַקטאָרן: צווייִשפּראַכיקייט, אַנטיסעמיטיזם,
רעליגיע, א, אאַזוו“, מוו□ דער וועג צו אונדזער
יוגנט. ־יזירט — אַדי. „אין דעם א'ן
צוגאַנג צו זײַן ליד“, יג, אין תּוך ־קייט.

.

אינטעלעקטואַל יזם — דער, ־ען. 1.
פֿילאָסאָפֿישע שיטה וואָס האַלט אַז דער
גרונטפּרינציפּ פֿון דעם זײַן פֿון דער רעאַליטעט, איז

□

דער אינטעלעקט. 2. פֿילאָס, און
פּסיכאָלאָגישע שיטה וואָס האַלט אַז דער יס□ד פֿון
מענטשנס וויסן איז פֿון דעם ווי אַזוי זײַן
אינטעלעקט נעמט אויף, אַז דאָס שׂכלדיקע
איז ערשטיקער און וויכטיקער ווי דאָס
אינטואיטיווע און דאָס געפֿיליקע. 3. עטישע שיטה
וואָס בויט דערעיקר אויפֿן שׂכל, וואָס
אידענטיפֿיצירט דאָס גוטע מיטן שׂכלדיקן. 4. שיטה

אין עסטעטיק וואָס הייבט אַרויס די וויכטיקייט
פֿון אידייען. „אַ צײַט־באַשטימטער אינטעליגענט
וואָס האָט זיך איבערגעזעטיקט מיט דעם א,
און געזוכט אַ נײַע ליריק פֿון דער וועלט„,
קאָר I. ־יסט — אָנהענגער פֿון
אינטעלעקטואַליזם ־יסטיש — אַדי. „יהואָשעס
ראָ.
מאַנטיזם איז אַן עסטעטישער, אַן א'ער„, ימ,
פֿון צײַט צו צײַט, קאָוונע 1927.
אינטעלעקטוע'ל — אַדי. וואָס איז מיט אַ
שׂכלדיקן, אַן אַנאַליזירנדיקן צוגאַנג. וואָס ווערט
באַנומען פֿון אינטעלעקט. וואָס האָט אַ שײַכות,
איז פֿאַרבונדן מיט אינטעלעקט. א'ע פּראָצעסן.
אַן א'ער אַנאַליז. א'ע השפּעות. א'ע אַרבעט.
א'ע אונטערשיידן. „א, גענוג שטאַרק צו שטעלן
ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען„, מוו, יקשפּ II,
4. ־יטעט. ־קייט.
אינטעלעקטראָניק — די. מצ נב. „עס
אַנטוויקלט זיך איצט אַ גאַנצע וויסנשאַפֿט וואָס
ווערט גערופֿן מיטן נאָמען א', ד„ה
עלעקטראָניק אין דינסט פֿון אינטעלעקט... עס וועלן
זײַן טעלעוויזיע־אינסטרומענטן, פֿון וועלכע
אונדזערע קינדער וועלן קענען לערנען ווי זיי
לערנען איצט פֿון די לערנביכער„, טמז, 3▯19

.12 ▯

אינטענדאַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.

1. אויפֿפּאַסער פֿאַרוואַלטער, אַדמיניסטראַטאָר, געשעפֿטן־פֿירער פֿון אַן אַמטלעכער, אַ געזעלשאַפֿטלעכער אונטערנעמונג. שול־א.. שפּיטאָלא'. מאַגיסטראַט־א, אדגל. 2. אָפֿיציר וואָס פֿאַרוואַלט מיט ווירטשאַפֿטלעכע ענינים פֿון אַן אַרמיי אָפּטייל. רעגימענט־א', דיוויזיע־א, אאַזוו. ,,ער האָט געמוזט הוליען מיט די א'־אָפֿיצירן, קומען אין גרויסע רעסטאָראַנען,,, ייִז, שטאָל און איַזן.

3. ממונה פֿון דער מאַכט, אַדמיניסטראַטאָר איבער אַ געגנט, שטאָט, אָפּצוויַיג פֿון רעגירונג. שטאָט־א'. מיליטער־א, פּעסטונג־א.. א, איבער די פֿינאַנסן. סופּערא'. גענעראַל־א'. ,,איז המוסכּם גבֿליבן מן זאָל דעם אינטאַנדין שרייַבן ער

אינטענסי'וו

זאָל זיך אינפֿאָרמירן,,, 'כּ,,י וועגן מעצער עלילתדם', 1669 [פֿש III].

אינטענדאַ'נ ן — די, ־ן. אַמט, סכום
פֿונקציעס פֿון אינטענדאַנט ־ו'ר — די, ־ן.

-

.

אַמט און ביוראָ פֿון אינטענדאַנט. „פֿאַר דער
חתונה אַנטלאָפֿן מיט אַ קאָזאַק פֿון דער א,
און זיך... געשמדט“, ייִז, יאָשע קאַלבֿ. „האָט
זיך דער בלאָנדער... דער ערשטער געכאַפּט,
אַז דאָס ברענט די א'„, י. יאָפּע, אין קעסל גרובֿ,
מאָסקווע 1929. „אַן אָטריאַד... אין דער
נאָענטסטער א'„, ש. גאָדינער, דער מענטש מיט
דער ביקס, מאָסקווע 1933. —סטווע — די,
־ס. רוסיצ. דזוו אינטענדאַנטור. „און די א„
לעבן זאָל זי, האָט אָנגעהויבן קויפֿן פֿוראַזש
דירעקט ביי די פּריצים“, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. „... די מיליטער־א', זיי האָבן אַליין
ליב צו פֿאַרדינען און צו געבן פֿאַרדינען“, ייִז,
אַש נזי.
אינטענדירן — אוטוו. ־דיר, אינטענדירט.
<איי <ל. אויסן זײַן, האָבן בדעה, זיך
גרייטן עפּעס צו טאָן, פּלאַנירן. אָפֿט אין ייִדיש

פֿון לאַטײַן אַמעריקאַנער לענדער, אויך מיטן

-

בּ: פֿרווון. א, אונטערצונעמען אַן אַקציע.

„דענשׂט וועגן וויר יעטצט אין טענדירן המנשׂ

הישׂטאָרי... צו רעפֿרעזענטירן“, '

אַחשורוששפּיל', אַמשט 1718 [פֿש I]. ־ונג.

אינטענסי'וו — אַדי. <איי <ל. 1. וואָס

ווערט געטאָן מיט בּכּיוונדיקער

קאָנצענטרירטקייט, מיט אָנשטרענגונג. געשפֿאַנט.

ענערגיש. טיכטיק. אַרבּעטן א, פֿירן אַן א'ע

פֿראָ.

פֿאַגאַנדע. א'ע בּאַשעפֿטיקונג. אַן א'ער

גײַסטיקער פּראָצעס. „וואָס איז דען טאַלאַנט אויבּ

ניט די א'ע פֿעאיקייט צו פֿילן און

אַרויסבּרענגען דעם ווערט פֿון זאַכן„, שנ, קריטיק און

קריטיקער. “די א'ע גײַסטיקע קולטור... וואָס

דורות רבּנים און ראָשי־ישיבֿות האָבּן זי

געבּאָוועט און פֿאַרשפּרייט„, ימ איבּז, שד II ו.

2. זייער בּולט. ווירקעוודיק, אימפּעטדיק. א'ע

ריחות. א'ע איבּערלעבּונג. א'ער וואוקס. „אַ

גערודער ווי אין אַ קאַזאַרמע... נאָר אַ מער

פֿריילעכער, אַ מער א'ער“, אַר, 'ספֿרים'. „אין

דער א'ער מוזיק פֿון אָט די שורות מיט אַ

ניגון,,, ש. בּיקל, שר□בּער פֿון מײַן דור I.
א'ע (לאַנד)ווירטשאַפֿט — וואָס ווערט
געפֿירט מיט אַ ריכטיקן פֿלאַן אַרויסצובּאַקומען
דעם מאַקסימום. א'ע אַגריקולטור. ,,עס איז
אָבּער דאָ אין ארץ־ישׂראל אַ היפּשע מאַסע
ניט־בּאַזעצטע לענדערײַען, וואָס קענען בּײַ אַן
י

א'ער ווירטשאַפֿט געבּן חיונה אַ סך אַ
גרעסערער בּאַפֿעלקערונג איידער די איצטיקע
אַראַבּישע", זשיט X□, נ"י 1919. א'ער בּ אַ־
ה ע פֿ ט — (גראַמ) צונויפֿבּינד, צונויפֿשטעל
פֿון צוויי ווערטער וואָס איינס איז אַ
פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם צווייטן, למשל: טויבּער
שטיין פֿינצטער־חושך.

.

אויך: ־יש — אַדי. —ישקייט, נר.
—קייט — א, פֿון דער אַרבּעט. א, פֿון וואוקס.
א, פֿון דער בּלוט־צירקולאַציע. ,,אַ צווייט לאַנד
לויט דער גרייס און א, פֿון דער אייגענישער

אינטענסיווירן

בּאַוועגונג,,, טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929.
—יטעט. אויך: אינטענסיטעט, נר. —

,,אינסטינקטן וואָס טרעטן אויף בײַ די מענטשן
פֿאַרשיידן אין שפּאַנונג און אין א'“, ה. שאָטאַן,
פֿאַש, 21 I 1949.

אינטענס□יווירן — טרוו. ־וויר,

אינטענסיווירט. פּפֿ: ־יוויזירן, ־יפּיצירן, נר.
מאַבן אינטענסיוו(ער), שטאַרקער, ענערגישער,
אָנגעשטרענגטער. א, אַן אַרבעט. א, דאָס
דורכפֿירן דעם פּלאַן. א, די ענערגיע פֿראַנקרײַך

,, .
האָט זינט דעם 3טן אָקטאָבער 1940...
אינטענסיווירט איר פּאָליטיק קעגן ייִדן“, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן. ־יווירט — אַדי.

-
א'ע היילונג. ־יווירונג. ־יפיקאַציע,
נר □

.
אינטע'□ן — די, ־ן. אויך: אינטענציע.
<איי <ל. כּוונה, מיין, פּניה. האָבן אַן (די)
א'. קריטיקירן מיט א'. ,,דאָס וועזנטלעכע אין
דער שפּראַך איז די א', נטיה, בוונה,,, ש.

סוסקאָוויטש, דווקא, No 60. ־יאָנע'ל — אַדי.
,,איז דער סופֿר מחויבֿ צו שרײַבן זײַן טעקסט
א, און טאָר בכן ניט טאָן זײַן מלאָכה
שלעפֿעריקערהייט", אליהו ליפֿינער, אידעאָלאָגיע
פֿון י□ד, אלף־בית, ב,,א 1967. אויך. ־
יאָ.
נאַ'ל — בכּיוונדיק, פּניהדיק. ־יאָנאַליזם.
אינטער־ — פּרעפֿיקס. <איי <ל. פּרעפֿיקס
אין אינטערנאַציאָנאַליזמען, מיטן ב צ ו ו י ש ן.
דוגמאָות: אינטעררעגנום, אינטערפֿערענץ,
אינטערנאַציאָנאַל.
אינטעראינדיוויד□אָלאָגיע — די. בא.
נעאָל. ,,א, איז אַ דיסציפּלין וואָס וועט זיך
אָפּגעבן מיט דעם אויספֿאָרש און אונטערזוך
פֿון די פֿאַראייניקונגען פֿון פּערזאָנען וואָס
בילדן... אַ פֿאַראיין פֿון עגאָאיסטן, מאָניסטן,
אַקטיוויסטן, אויטיסטן,,, אַבאָ גאָרדין, '
אויטאָטראַנספֿאָרמאַטיק', דאָס פֿר□.ע וואָרט, ב,,א
סעפּט, 1959. ־ואַ'ל — דער, ־ן. דער
אינדיוויד אין זײַן באַציאונג צו אַנדערע
אינדיווידן מיט דער זעלביקער אָדער ענלעכער
אידעאָלאָגיע. —ואַליזם — ,,א'... איז אויטיק
אין אַלע צווײַגן פֿון מענטשלעכן (←, 141)

אָנשטרענג“, אַבּאָ גאָרדין, דאָרטן ־ואַליסט.

.

—ואַליטע'ט — “אַ פּערזענלעכקייט וואָס רעאַליזירט... פּסיכיש אַ פּלוראַליטעט פֿון אינדיווידן“, אַבּאָ גאָרדין, אידישע עטיק, נ“י 1937. ־וע'ל — אַדי. א'ע בּאַציאונגען. „א'ע אָרגאַניזאַציע“, אַבּאָ גאָרדין, אונדזער בּאַנעט, נ„י 194.

אינטער אַליאַ — ל. צווישן אַנדערע זאַכן.

אינטער אַליאָס — צווישן אַנדערע פּערזאָנען.

אינטעראַליאירט — אַדי <איי <ל. צווישנפֿאַרבּונדן. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַ פֿאַרבּינדונג פֿון צוויי אָדער מער מלוכות, ספּע די וואָס האָבּן געשאַפֿן די אַל אַנץ אין דער

ערשטער וועלט־מלחמה. אַן אַרײַנמאַרש פֿון א'ע חילות. „בּראָש פֿון דער א'ער קאָמיסיע איז געשטאַנען אַ פֿראַנצויז“, ימ, נײַס, 1929. ־קייט.

אינטעראָצעפּ▯טאָר — דער, ־ס. <איי <ל.
(פֿיזיאָלאָגיע) עקסטער נערוו וואָס גיט איבֿער
די אימפּולסן, סטימולן פֿון די אינעווייניקסטע
אָרגאַנען. ־טיוו — אַדי. וואָס איז שייך צו
אָדער סאַרמאָגט די אייגנשאַפֿטן פֿון די
סטימו▯

לירונגען וואָס קומען פֿון די אינעווייניקסטע
אָרגאַנען.
אינטערדיאַלעקט — דער, ־ן.
צווישנדיאַלעקט. דיאַלעקט וואָס האָט אַ צאָל שטריכן פֿון
אַ פּאָר שכנישע דיאַלעקטן אָדער וואָס איז אין
אַ צווישנצײַט פֿון אַ פֿריִערדיקן און שפּעטער
דיקן דיאַלעקט אין דער היסטאָרישער
אַנטוויקלונג פֿון אַ לשון. פֿרגל אייבֿערדיאַלעקט.
־יש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו אַ
פּאָר אָדער מער דיאַלעקטן. „פּרעזענטירן דעם
ייִדישן וואָקאַליזם וו אַן איינהייטלעכע
סיסי

טעם, אי אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו,
אי אין די א'ע באַציאונגען“, מוו, ייִשפּ XX,
3 פֿאַרטיידיקט אין אַ לענגערן בריוו
· ,,... —

דעם א'ן פֿרינציפּ“, ימ, ייִשפּ XIX, 3. -
ישקייט.
אינטערוואַל—דער, ־ן. <איי <ל. 1.
צווישנאָרט, צווישנרוים. אָפּשטאַנד. „דער אינדזל
מאַנהעטן איז פֿאַר 'גרויס'־ניו־יאָרק אַן א,
צווישן בּראָנקס און בּרוקלין“. א'־פּ אַ ס (י ק).
ה אַ ל ט ן א, — בײַם מאַרשירן אין קאָלאָנעס.
2. צווישנצײַט, פּאַוזע. אַן א, פֿון אַ פֿערטל
יאָרהונדערט צווישן בּיידע וועלט־מלחמות. “אין
איין א, פֿון גײַסטיקער קראַנקייט בּיז אַן
אַנדערן, האָט ער אָנגעשריבּן זײַן אומשטאַרבּלעכע
פּאָעמע„, קאָר I. „איך וואַרט אויף די א'ן, אויף
די קליינע פּאַוזעס„, זשיט IX, נ„י 1919. “דער
פֿוקס, זיפֿצנדיק מיט קורצע א'ן“, י. מאַניק.
3. (מוזט) צײַט־אָפּשטאַנד צווישן צוויי
טענער פֿון פֿאַרשיידענער הייך. דער
מוזיקאַלישער א, ווערט אײַנגעטיילט לויט זײַן דויער
אין: סעקונדע, טערציע, קוואַרטע, קווינטע,
סעקסטע, סעפּטימע, אָקטאַווע. ה אַ ר מ אָ נ
יש ע ר א, — צווישן צוויי סימולטאַנע טענער.
מ ע ל אָ ד י ש ע ר א, — צווישן צוויי
קאָנסעקוטיווע טענער. „צווישן סי און די איז דאָ אַן
א, פֿון אַ סעקונדע“, הענעך קאָן.
אינטערוויו, — דער, ־ען. <איי <ענג.

1. אָפּגערעדטע באַגעגעניש און שמועס אין
פֿאָרעם פֿון פֿראַגעס און ענטפֿערס פֿון אַ
פֿאָרשטייער פֿון דער פּרעסע (ראַדיאָ, טעלעוויזיע)
מיט אַ (חשובֿן) מענטשן (מלוכה־מאַן,
קינסטלער, וויסנשאַפֿטלער אאַ). געבֿן, נעמען, קריגן,
האָבֿן אַן א.. אַן א, מיטן קאָרעספּאָנדענט פֿון
אַ ייִדישער צײַטונג. „ווייס איך ניט אויף וויפֿל
מ'קאָן זיך בכלל פֿאַרלאָזן אויף א'ען“, צײַט.
פֿאַרלאַנגט מאראט דרײַ פֿראַנק פֿאַר אַן
 ... — — — — —
א',,, עק איבֿז, איוואַן גאָל, 'פֿאַריז ברענט',
פֿעדער, 1926.   2. בכלל אַ באַגעגעניש
פּנימאל־פֿנים מיט אַן אויספֿרעג, אַ דורכשמועס.
א'ען מיט אַ צאָל סטודענטן צו דערגיין
מיינונגען צווישן דער יוגנט. א'־מ ע ט אָ ד — „אין
דער אויספֿאָרשונג איז אויך באַניצט געוואָרן
דער א'־מ'“, לל, ייִבֿל XI־II.

אינטערווע'נ

אינטערוויו אירן — טרוו. ־איר,
אינטערוויואירט.   דורבֿפירן אַן אינטערוויו. א, דעם
פּרעזידענט, דעם נשׂיא, דעם נאָבעל־פּרײַז־

געווינער אאַזוו. א, אַלע וואָס האָבן געענטפֿערט
אויף דער אַנקעטע. ־אירט — אַדי. די
א'ע מיניסטאָרן. ־אירער — ווער עס פֿירט
דורך אַן אינטערוויו. אויספֿרעגער.
אינטערוויוען — אַמ.
אינטערווײַלעכס — ← הינטערווײַלעכס.
אינטערווע'נט — דער, ־ן. 1. ווער עס
קומט אַרײַן אין מיטן בײַ אַ סכסוך, בײַ אַ
געריכטלעכן פּראָצעס ווי אַ נײַער צד אָדער
כּדי צו בּרענגען צו אַן אויסגלײַך. 2. ווער
עס מישט זיך אַרײַן אין אַ מלחמה, אַ
רעוואָלוציע, צווישנמלוכישן שטרײַט. קעמפֿן קעגן
דעם א'. —אָר — פֿאַרמיטלער, אויסגלײַכער.
אינטערווענטיש — אַדי. וואָס מישט זיך אַרײַן
אין אַ סכסוך כּדי צו דערפֿירן צו אַן
אויסגלײַך אָדער אַרויפֿצוצווינגען אייגענעם ווילן.
פֿאַרמיטלעריש, השתּדלותדיק. וואָס פֿירט דורך
אַן אינטערווענץ. "... ייִדן האָבן זיך אַקטיוו
בּאַטייליקט אין פֿאַרטיידיקן די שטאָט קעגן
דער א'ער אַרמיי", י. גוטמאַן, ייִבל XX, 1.
אינטערווענירן — אוטוו. ־ניר,
אינטערווענירט. <איי <ל. 'קומען צווישן'. 1.
אײַנשטעלן (זיך) □אַר עמעצן (עפּעס). פֿאַרמיטלען
אין אַ סכסוך כּדי צו בּרענגען צו אַן אויסגלײַך.

א, אין אַ מחלוקת איבער אַ ירושה. א, אין אַ
סכסוך צווישן צוויי שכנותדיקע לענדער.
2. אויפֿטרעטן (פֿרײַוויליק אָדער דורך אַן
אויפֿפֿאָדערונג) אין אַ געריכטלעכן פּראָצעס ווי אַ
דריטער צד. 3. דאָס אַרײַנמישן זיך מצד אַ
מלובה אין די אינעווייניקסטע ענינים פֿון אַ
צווייטער מלוכה. א, ווען עס האָט אין אַן
אַנדער לאַנד אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. 4. זיך
אַרײַנמישן לטובֿת עמעצן אָדער עפּעס. זיך
משתדל זײַן. א, פֿאַר עמעצן ער זאָל קריגן אַ
שטעל. א, מע זאָל פֿאַרמילדערן האַרבע שטראָפֿן.
א, מע זאָל דעם געזעץ־פּראָיעקט ניט אָננעמען.
5. (מעדיצין) ווירקן אויף אַ קראַנקהאַפֿטיקן
פּראָצעס. א, מיט אײַנשפּריצונגען, מיט אַ נײַער
מעדיצין. א, כירורגיש. 6. (פֿינאַנצן, בערזע)
אַרײַנמישן זיך און מאַנעווורירן דורך
פֿינאַנציעלע אָפּעראַציעס אַז געוויסע אַקציעס, אָדער
אַ וואַלוטע, אָדער דער פּרײַז פֿון אַ טײַערן
מעטאַל זאָלן זיך הייבן אין פּרײַז אָדער פֿאַלן.
א, פֿאַר אָדער נאָך אַ דעוואַלואַציע ־ונג.

—

־ער.
אינטערווע'נץ — די, ־ן. אויך:
אינטערווענציע, נר. 'צווישנקום'. 1.

דיפּלאָמאַטישער אָדער מיליטערישער אָרײַנמיש מצד
איין מלוכה אין די ענינים פֿון אַ צווייטער
אָדער אין אַ סכסוך צווישן מלוכות כּד
אַרויפּי
צוצווינגען איר ווילן. 2. אַקט אָדער פּראָצעס
פֿון אינטערווענירן. דזוו אינטערווענירונג. „ער
פֿאָרט אין אויסלאַנד און ווירקט אויס די א,
פֿון פֿאַרשיידענע קרײַזן אויף אָפּשטעלן די
פֿאָגראָמען“, לדבֿ, נ“י תּשי“ז. „די געבורט וועט
דווקא זײַן אַ לײַכטע אָדער מע וועט יוֹצא זײַן

אי'נטערטעריטאָריאַ'ל

מיט אַ פּשוטער א, און מע וועט בכּלל ניט
דאַרפֿן שנײַדן„ פֿגעז, פֿאַריז 1949, No ‐7.
—
׳
—יאָניזם — סיסטעם פֿון אינטערווענירן, בּ3.
‐יאָניסט. ‐יאָניסטיש — אַדי. ‐
יאָנע'ל — אַדי.
אי'נטערטעריטאָריאַ'ל — אַדי. וואָס האָט
אַ שײַכות צו, וואָס געפֿינט זיך צווישן צוויי
אָדער מער טעריטאָריעס. א'ע פֿאַרבינדונג. א'ע
וואַסערן. א'ע קאָאָפּעראַציע ‐קייט.
.

אי'נטערים — דער. <איי <ל (אַדוו).
צווישנצײַט. צײַטאָפּשניט פֿון אַ פּראָוויזאָרישער פֿאַרטרעטונג אָדער פֿונקציע. אין דעם א, פֿאָרנעמען דעם מיניסטערס אַמט. אַן א,־קאַבינעט. א'־קאָמיסיע. פּ אַ ר א, — דורך צײַטווײַליקער פֿאַרטרעטונג. „וויל אַלזוא אינטרעס פֿון דיזה פֿרדריסליבה... אָפּעהר אַבשטראַגירן“, אגרת שלמה, י/ב.

אינטעריעקציע — די, ־ס. <איי <ל.
(גראַמ). 1. דזוו אויסרופֿוואָרט (← 354). אוי, אײַ, אָהאַ אאַ. 2. יעדער אויסרוף אָדער אויסגעשריי, יעדע קלאַנגען־פֿאַרבינדונג אָן סינטאַקטישן צונויפֿבונד מיט די איבעריקע רייד און אָן קלאָרן וואָרטבאַטײַט, וואָס דריקט אָבער אויס אַ שטאַרקע עמאָציע (אויפֿרודערונג, התפּעלות אדגל). בּרר! טאַ־טאַ־טאַ! כאַ־כאַכאַ!

אינטערלוד — דער, ־ן. אויך:
אינטערלודיע, די□ ־ס. 'צווישנשפּיל'. 1. (מוזט) קורצע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע וואָס ווערט געשפּילט אין אַ פּאַוזע. 2. סצענישער נומער אין טעאַטער אין צווישנאַקטן, ספּעצ אין צירק.

אינטערIלינגוויסטיק — די. בּא. □אָרשונג
פֿון שותּפֿותדיקע אָדער אַנאַלאָגישע עלעמענטן

אין אַ צאָל שפּראַכן אָדער אין שפּראַך בכלל.
א, וו אַ באַזע פֿאַר אַן אַלגעמיינער
סינטעטיי
שער שפּראַך. ־לינגוואַ — 'צווישנשפּראַך'.
סינטעטישע שפּראַך, געשאַפֿן אין 1908 פֿון
ניט־דעקלינירלעכע און ניט־קאָניוגירלעכע
לאַטייַנישע שרשים.
אינטערמיסיע—די, ־ס. <איי <ל. 1.
איבעררייַס, הפֿסקה, פּאַוזע פֿרייַע צווישנצייַט.
,
2. (מעדיצין) אויפֿהערונג. פּעריאָדישער
אָפּשטעל פֿון איבערחזרונג פֿון פּאַראָקסיזם,
ספּאַזמעס, קאָנוואולסיעס בייַ טייל כראָנישע
קראַנקייטן.
אינטערמעדיע — די, ־ס. אויך:
אינטעדמעדיע'ט(ע). <איי <ל. 1. (מוזט)
מוזיקאַלישע פֿראָזע וואָס איז לויט איר
כאַראַקטער אַן אַריבערגאַנג פֿון איין טייל
קאָמפּאָזיציע צו אַ צווייטן טייל. 2. (טעאַטער)
צוגעשטעלטער אויפֿטריט צו אַ פּיעסע. „די
אַנטוויקלונג פֿון דעם וועלטלעכן עלעמענט אין
דער פּורים־שפּיל, וואָס פֿון אַן א, אַנטוויקלט זי
זיך אין אַ זעלבשטענדיקער פּיעסע„, י. שאַצקי,
ייִבל XX.

אינטערמעצאָ — די, ־ס. <איט. 1. דזוו
אינטערמעדיע. אויך: באַזונדערע קאָמפּאָזיציע
וואָס ווערט געשפּילט אין די צווישנאַקטן פֿון
אַן אָפּערע, אַ מוזיקאַלישער דראַמע (ווי אַ

1297

קאָנטראַסט צום הויפּטווערק אָדער ווי אַן
אַרײַנפֿיר צום ווײַטערדיקן). 2. טייל אין אַ
ליטעראַריש ווערק וואָס אונטערשיידט זיך אין טאָן
אָדער זשאַנער פֿון גאַנצן ווערק. „אין ד
אַני
דערע צוויי טיילן פֿונעם בוך... זײַנען צומאָל
די לירישע א'ס אַ שטער צו דער שלימותדיקער
קאָמפּאָזיציע„, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן
דור I.
אינטערן — אַדי. <איי <ל. אויך:
אינטערנאַ'ל. (וועגן מעדיצין) אינעווייניקסט,
וואָס איז אין קערפּער. א'ער אָרגאַן. א'ע
מעדיצין. א'ע ווינקלען.
אי'נטערן — דער, ־ס. אַמ in e rn: ..
גראָדואירטער פֿון אַ מעדיצינישער שול (
פֿאַקולטעט) וואָס לעבט אין אַ שפּיטאָל, וואו ער
דאַרף זיך פֿאַרפֿולקומען אין מעדיצינישער

פּראַקטיק. דזוו אינטערניסט (￼..).
אינטערנאַ'ט — דער, ־ן. אינסטיטוציע פֿאַר
אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע מענטשן צו
באַזאָרגן פֿאַר זיי דאָס נייטיקסטע אין לעבן
(וואוינאָרט, באַשפּײַזונג, קליידונג), ספּעצ פֿאַר
קינדער און יוגנטלעכע, פֿאַרבונדן מיט אַ
לערןאַנשטאַלט. יתומים־א'. א, פֿאַר אָרעמע בלינדע.
א, ב— אַ ישיבֿה.
יִ
אי'נטערנאַציאָנאַ'ל — אַדי.
צווישנפֿעלקערלעך. וואָס האָט אַ שײַכות, וואָס איז
שותּפֿותדיק פֿאַר אַ צאָל נאַציעס פֿעלקער, אָדער
,
פֿאַר אַלע פֿעלקער. א'ער פֿרידן. א'ע
באַציאונגען. א'ער אָפּמאַך. א'ע אָרגאַניזאַציע. א'ע
סיטואַציע. א'ע ביוראָען. א'ער קאָנגרעס. א'ער
האַנדל. א'ער פֿאָנעטישער אַלפֿאַבעט. א'ע
קערפּערשאַפֿט פֿיג. דזוו אינטערנאַציאָנאַליסטיש.
.
זײַן א, לגבי מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסעס.
א'ע ב אַ נ ק — שותּפֿותדיקע באַנק פֿון אַ
צאָל מלוכות, אויפֿגעקומען נאָך דער צווייטער
וועלט־מלחמה (זיצאָרט וואַשינגטאָן) צו
סטימולירן דעם ווידעראויפֿבוי פֿון צעשטערטע געגנטן

דורך קרעדיטן אויף לאַנגע טערמינען. א'ע ר ע כ ט — סכום רעגולאַציעס און פֿירונגען אין צווישנפֿעלקערלעכע באַציאונגען וואָס מלוכות האָבן זיך מתחייבֿ געווען אָפּצוהיטן (אויך אין מלחמות). ־קייט. ־יטעט.

אי'נטערנאַציאָנאַ'ל — דער, ־ן. 1. ' אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע פֿון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, — ווי עס האָט געהייסן דער ערשטער א'. 'אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, — ווי עס האָט געהייסן דער צווייטער א,.

[ע ר ש ט ע ר א', 1864▯1876, אָנגעפֿירט פֿון קאַרל מאַרקס און ענגעלס, שפּעטער אָפּגעשוואַכט איבער אַן אינעווייניקסטן קאַמף צווישן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן.

צ ו ו י י ט ע ר א, — געגרינדעט אין 1889 מיט אַ פּראָגראַם פֿון סאָציאַליזם וואָס דאַרף דערגרייכט ווערן מיט דעמאָקראַטישע מיטלען. אין 1914, בײַם אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פֿאָקטיש פֿונאַנדערגעפֿאַלן. נאָך דער מלחמה געווען באַמיאונגען אים ווידער

אויפֿצושטעלן. באַקומען נײַעם גלגול אין 1923,
מיט ווייניקער דאָקטרינערישקייט און מיט אַ
סך מער אונטערשיידן צווישן די פּאַרטייען
אין דעם א'. איצט (1971) הייסט ער ס אָ צ י
אַל י ס ט י ש ע ר א'. די באַצייכענונג צ וו
ייִט ע ר ווערט ניט גענוצט.

ד ר י ט ע ר א', דער קאָמוניסטישער, ק אָ מ ־
א י נ ט ע ר ן. געגרינדעט 1919 אין
מאָסקווע, באַהערשט פֿון דער רוסלענדישער
באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיט זייער אַ שטרענגן
קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט און
אידעאָלאָגיע פֿון אַלע אָנגעשלאָסענע קאָמוניסטישע
פּאַרטייען פֿאָרמעל ליקווידירט אין 1943 (ווי
-
.
אַ קאָנצעסיע מצד דער ראַטנמאַכט פֿאַר אירע
קאַפּיטאַליסטישע אַליאירטע). געווען אויך דער
ו ו י נ ע ר אָדער צוויי־אַ־האַלבּ־א, וואָס האָט

-

פֿאַרנומען אַ צווישנפּאָזיציע בנוגע דעם
סאָציאָליסטישן א, און דעם קאָמאינטערן.]

2. הימען פֿון אַלע א'ן. טעקסט (1871) פֿון
קאָמונאַר פּאָטיע,, מעלאָדיע פֿון דעזשעיטער.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געוואָרן דער אָפֿיציעלער הימען פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אין ייִד, איבז איז דער אָנהייב: „שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפֿן אין הונגער לעבן מוזט און נויט...„.

אינטערנאַציאָנאַל▯ יזירן — טרוו. ־זיר, אינטערנאַציאָנאַליזירט. מאַכן עס זאָל ווערן אינטערנאַציאָנאַל (אַדי). א, וואַסערוועגן. א, שטחים בײַם צפֿון־ און דרום־פּאָלוס. א, די שפּיצן פֿון דער אַלמענטשלעכער קולטור. א, אַ קאָנפֿליקט צווישן צוויי מלוכות ־

יזי.

רונג. ־יזירט — אַדי א'ע קאַפּיטאַלן.

־יזירטערהייט — אַדוו. „א, — ועט דער סועץ־קאַנאַל ניט קענען ווידער ווערן אָ קאָרט אין נאַסערס האַנט“, רייד (1967). ־קייט.

אינטערנאַציאָנאַליזם — דער. בא. 1.

שיטה, פּאָליטישער און קולטורעלער אײַנשטעל, שטרעבונג, אַז די אַלמענטשלעכע אינטערעסן זאָלן האָבן די אייבערהאַנט איבער ענגערע נאַציאָנאַלע, וואָס קענען זײַן אַ סתּירה צו די אַלמענטשלעכע, אָבער וואָס אָנערקענט צו גלײַכער צײַט די פֿרײַע אויטאָנאָמע אַנטוויקלונג פֿון די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קולטורן.

2. שיטה פֿון די אָנהענגערס פֿון די אינטערנאַציאָנאַלן. פּראָלעטאַרישער א'.
3. (לינגוויסטיק) וואָרט וואָס ווערט געניצט אין אַ צאָל אָדער אַלע קולטורשפּראַכן [א'ען זײַנען דאָס רובֿ פֿון גריכיש און לאַטײַן, אָדער נעאָלאָגיזמען געשאַפֿן פֿון זייערע שרשים. אַ צאָל א'ען שטאַמען אויך פֿון די אַנדערע קולטורשפּראַכן און אַפֿילו פֿון אומאַנטוויקלטע לשונות]. דוגמאָות: אוניווערסאַל, אַטאָם, אַלגעבֿרע, אַנעמיש, אַפּערע, באַלאַדע, גראַמאָפֿאָן, דיסציפּלינירן, האַלוצינאַציע, סעקרעט, עגאָאיסט, פּאָסטולאַט, פֿאַבריצירן, פֿאָרמעל, פֿיזיק, צענטער, קאָאָפּעראַטיוו, קאָרעספּאָנדענץ, קולטור, ראַדיקאַליזם [באַזונדערקייטן פֿון א'ען אין ייִדיש: דער אַקצענט זייער אָפֿט אויפֿן לעצטן טראַף, סובסטאַנטיוון געהערן צום מענלעכן מין, חוץ די וואָס ענדיקן זיך אויף ־ע, ־(ט)ור,

אינטערנונציאָ

־יק, אַנץ & ־ענץ. דער ווערב האָט אָפֿט דעם
-

סופֿיקס ־יר; דער פּאַרטיציפּ האָט ניט דעם

פּרעפֿיקס געּ, חוץ די פֿאַרוואָרצלטע אין פֿאָלקשפּראַך.]

—יסט — אָנהענגער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, בבֿ 1־2. ־יסטיש — אַדי. א'ע אידעאָלאָגיע.

אינטערנונציאָ — דער, ־ס. דיפּלאָמאַטישער פֿאָרשטייער פֿון פּויפּס(ט), מיט אַ נידעריקערן ראַנג ווי נונציאָ.

אינטערניהיליזם — דער. מצ נבֿ. ניהיליזם וואָס איז אינטערנאַציאָנאַל. ,,אַלע גלויבנס שטייען איצט פֿאַר איין גרויסער געפֿאַר, און דאָס איז דער א'", דר, א. י העשל, □אָר, □)19(□(□ 17.

אינטערניסט — דער, ־ן. וונ ־ין (־קע), ־ס. <איי <ל דאָקטער, מעדיצינער, ספּעציאַליסט אויף אינעווייניקסטע קראַנקייטן. "אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך אָנגעקליבן די דערפֿאַרונג פֿון טויזנטער דאָקטוירים, א'ן און כירורגן", פֿגעז, ווילנע 2 1925' No.

אינטערנירן — טרוו ־ניר, אינטערנירט. <איי <ל. 1. אַרויפֿצווינגען אַ וואוינאָרט (מיט באַגרענעצונגען פֿון פֿרײַהייט) אויף עמעצן וואָס די מאַכט באַטראַכט אים ווי אַ מעגלעכע סכּנה אין פּאָליטישן אָדער סאָציאַלן זינען. א, די ניצערס פֿון הערטאָין. ,,אויף אים איז

געפֿאַלן אַ חשד אַז ער געהערט צו דער
אָפּאָזיציע, האָט מען אים אינטערנירט„. 2.
אויפֿזאַמלען אין אַן אָפּגעשלאָסענעם לאַגער אָדער
באַשטימטן אָרט געפֿאַנגענע זעלנערס אָדער
ציווילע בירגערס פֿונעם שׂונאס לאַנד. א, די
אויסלענדער. “דאָס האָט ער די רוסישע
אינטערנירט איינעם ווי איינעם“, ייִז,... ק
רנאָווסקי. 3. אָפּשליסן אין אַן אַרבעט־לאַגער
אָדער תּפֿיסה מיט די שווערסטע לעבנס־תּנאָים
פּאָליטישע קעגנערס ווי אַ מיטל זיי צו
טעראָריזירן און ליקווידירן.
אינטערנירט — אַדי. „די מיליאָנען א'ע
אין סיביר„. „די ייִדן א'ע אין פּאַוויאַק וואָס
האָבן געהאַט פֿאַפּירן אַז זיי זײַנען
אויסלענדישע בירגערס און געוואַרט מע זאָל זיי
אָפּשיקן אין די ספּעציעלע... לאַגערן“, בלומ,
ייִשפּ I וו 3, X.
אינטערנע'שאָנעל (־נאַל) —די. אַמ.
געקירצטער נאָמען פֿון 'א, לעידיס גאַרמענט
וואָרקערס יוניאָן, פֿאַרבאַנד פֿון אַרבעטער בײַ
,
פֿרויען־קליידער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן
און קאַנאַדע. “די א, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן

מיט נאָענט צו 70 יאָר צוריק רוט ניט אויף
איר לאָרבערקראַנץ,,, □אָר, 17 1967 I□X.
אינטער סע — ל. צווישן זיך. אָפּשמועס□
עפּעס א, סע.
אינטערסעקסוע'ל — אַדי. <איי <ל.
וואָס איז צווישן ביידע געשלעכטער. ,,עס
זײַנען אויך דאָ פּרויען פֿון... א'ן טיפּ, ד,,ה
...
דער אויסערלעכער אויסזען זייערער איז פֿון
אַ פּרוי, זיי זײַנען אָבער ניט ריין־ווייַבלעך
אויסגעקריסטאַליזירט‘‘, פֿגעז, ווילנע 1936, No
12. סובּ, זן אינטערסעקס(ואַל).

129□

אינטערסקאַנדינאַוויש — אַדי. וואָס האָט
אַ שייַכות צו, וואָס איז שותּפֿותדיק פֿאַר
אַלע סקאַנדינאַווער. ‘‘אויף א'ע אַסיפֿות רעדן
שוועדן, דענער און נאָרוועגער יעדער זײַן
שפּראַך און זיי פֿאַרשטייען זיך‘‘, מוו, ייִשפּ □I□ (.
אינטערע'ס — דער, ־ן. <איי <ל. '
באַטייליקטקייט'. 1. פּראַקטישער אָנטייל,
באַטייליקונג צוליב מאַטעריעלער נוציקייט,

געשעפֿט אָדער חלק אין אַ געשעפֿט. גרויסער (קליינער) א'. אַ גרויסער א, אין אַ קליין געשעפֿטל. שבתדיקער (יום־טובֿדיקער) א, = אויך: (רייד וועגן אַ) געשעפֿט וואָס קען ניט ברענגען קיין נוצן, קיין רווח. ◻ בלויע א'ן=שלעכטע געשעפֿטן וואָס ברענגען היזק. זײַן שלאַבעריק, אָפּגעלאָזן אין אייגענם א'. זײַן אַרײַנגעטאָן אין מסחר־א'ן. לעבן פֿאַר די אייגענע (קעשענע־)א'ן. "אָבער דו האָסט בעסער אויסדערוויילט אין וועלטלעכע א'ן, אויף דעם עולם צו שוועבן, פֿיל גאָלד און זילבער אָנצוקלײַבן", ישרי לבֿ, ווילנע 1867, יא/א. "אין אַלע דײַנע עסקים זאָלסטו אין אים [= גאָט] געדענקען, אַז ער וועט שוין אריסגלײַבן דײַנע א'עס", מס, משלי תּקע"ד, ג, 6. „וואָס האָט דיר די באָרד געטאָן אַ רעה?... צי האָט זי דיר געשאַט צו דײַנע א'ן, אָדער האָט זי בײַ דיר געבעטן עסן", גאָר, די באָרד, זשיטאָמיר 1868. א'ן־ס פֿ ע ר ע פֿון א פֿירמע פֿון אַ מלוכה.

-

,

2. סתּם עסק, ענין. ס'איז ניט מײַן א'. ◻ טאָגטעגלעכע א'ן. אויסערגעוויינלעכער א'. ◻ פֿורימדיקע א'ן = ניט קיין ערנסטע. „ווי דער מלך איז געקומען אַהיים האָט ער בוודאי געהאַט

כמה זאַכן און א'ן. האָט ער זיך געפּאָרעט
אין זײַנע א'ן'', נחב, 'מעשׂה מבּן מלך ובן
שפֿחה'. „האָבּ אַכטונג געגעבּן אויף אַלע א'עס
וואָס טוען זיך נאָר איבּער אונטער דער זון'',
מס, קהלת תּקע''ט, א, 14. „האָבּ איך מיך
מיישבֿ געווען, דעם א, מוז מען טאָן מיט חכמה
און פֿאַוואָליע'', יפּ „פֿאַרבּרענגען אַמאָל אַ שעה
צײַט... אין אַ וואַרעמען שמועס צווישן זיך,
אָן שום זײַטיקע א'ן'', ממוס, ווינטשפֿ. ''לאָז
מיך..., איך וועל דערציילן. דאָס איז אַזאַ
א', פֿאַניע'', אָפּאַ, אַליין.

3. וואָכער, פּראָצענט־געלט, דיסקאָנט־געלט.
שווב פֿאַרטײַטשט: 'נשך, א. 'נשיכה, — „
בּײַסין, דיסקונטע, אין טרעסי''. „דער א, איז
געשמאַקער פֿונעם קרן''. ''דער טעם אויף דיזה
רעכנונג איזט בּווײַל ווען איהר ווישׂן זעלט
וואשׂ דשׂ ערשטי יאהר אינטערעסי קומין
טוהט'', מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבֿת, פֿראָג
תּקל''ד. „ריבּית הייסט ווען איינער לײַט אַן
אַנדערן... געלט... זאָל אים דער שולדנער
צאָלן אינטערעסע־געלט, למשל פֿאַר הונדערט
זאָל ער אים געבּן בּײַם טערמין הונדערט צען
גילדן'', הרבֿ מ. הלוי הורוויץ, ספֿר פּרשת
מרדכי, אונגוואַר 6‎□18.

4. דאָס וואָס מע האַלט אַז עס איז ניצלעך, נייטיק. א'ן פֿון אַ יחיד, פֿון אַ גרופּע. א'ן פֿון בעלי־בתּים, פֿון אַרבעטער. טאָן (דינען) אין די א'ן פֿון.... „זענען אין דעם ספֿר דאָ א'ן פֿון אַרבע פּינות־העולם“, יפֿ. "די גלײַכע זכיות

אינטערעסאַ'נט

פֿאַר ייִדן נעמען זיך גאַנץ פּשוט דערפֿון, וואָס דער שׂכל, דער יושר און טאַקע די אייגענע א'ן פֿונעם לאַנד פֿאָדערן עס אַזוי“, ממוס, אַ סגולה... א י ן א'ן פֿ ו ן... = לטובֿת, צוליבֿ. אין א'ן פֿון שלום־בית. אין א'ן פֿון אַ שדה.

5. דאָס וואָס איז לעבנסוויכטיק. וויטאַלער א'. „איך ווייס אײַך אין דער זאַך גאָרניט צו ראָטן, וואָרעם בײַ אַזו אַן א, איז דאָס בעסטע אַז י י

מע טוט נאָר נאָך זײַן אייגענעם שׂכל“, עט, סערקעלע „האָב איך געוואָלט מיט אײַך איבערשמועסן איבער אַן א'... נאָר דאָס דאַרף זײַן אַ סעקרעט... קיין מענטש טאָר ניט דערשמעקן“, פּ ס. סעגאַל, דיא שיינע נייטערין,

ווילנע 1894 "די אייבּיקע, נישט נאָר די
 איבּערפֿאַרטייאישע, נאָר אויך די איבּערצײַטלעכע,
די איבּערדורותדיקע א'ן פֿון אַן אייבּיקער
א מה", צײַט, טמז, 8 l965 I.
6. פּסיכישע גרייטקייט (חשק) זיך צו
בּאַטייליקן, אויפֿצונעמען, עפּעס צו טאָן, פֿילנדיק
אַ גײַסטיקע ניצלעכקייט אָדער עפּעס וואָס איז
(קען זײַן) נאָענט, בּאַלערנדיק אָדער
אַרווײַלעריש. האָבּן, פֿילן אַן א'. אַרויסווײַזן אַן א'.
אויפֿוועקן, אויפֿמונטערן דעם א'. דער א,
שטײַגט פֿאַלט, קילט זיך אָפּ, ווערט
דער,
שטיקט. רייצן דעם א'. קילער א'. הייסער א'.
א, פֿאַר קונסט, מוזיק אע. א, צום לייענען,
צום שטודירן. אויפֿנעמען עפּעס מיט א'. ניט
האָבּן קיין שום א, פֿאַר.... "וואָס פֿאַר אַ א',
וואָס פֿאַר אַ געפֿילן פֿון ליבּשאַפֿט צו זיך
קענען בּײַ יענע אויפֿוועקן אַזעלכע לײַט",
ממוס, מר הבּהמות. „דער גאַנצער ראָמאַן
געוינט פֿאַר אונדז אַ נײַעם א', אַ קינסטלערישן
און אידייאישן", קאָר II.
7. בּאַזונדערע צונייגונג. האָבּן אַן א, פֿאַר
אַ מיידל (בּחור).

אינטע'רעס —דער, ־ן, ־עס. <פּויל. 1. פֿטמ.
אַנשטאָט אינטערע'ס, ספּעצ בבֿ 1־2. אויך מיר
אַן א'. שוין איינמאָל אַן א'. “איך האָב פֿון
זײַנע זיסע ווערטער און פֿון זײַנע א'לעך...
מער געלערנט...,,, יפּ. [אַ צאָל ציטאַטן צו
אינטערע'ס קען מען מיט רעכט אַריבערפֿירן
צו דעם וואָרט אינטע'רעס.] 2. לאָקל
טשיקאַווע זאַך. קונציקער אַפּאַראַט. ,,אין דעם
שמועסן זענען זיי אַרויסגעקומען אויף דעם
א, וואָס מע שטעלט אַרויף אויף אַ דאַך, דער
דונער אָדער דער בליץ זאָל נישט אַרײַנשלאָגן
אין דעם הויז אַרײַן“, יפּ [אפֿשר בלויז מחמת
ניט־וויסן ווי עס אָנצורופֿן].
אי'נטערעס — די & דער, ־עס. אויך: אי'
נטערעסט. אַמ. 1. דזוו אינטערע'ס, בּ3.
פֿראָצענט־געלט. צאָלן, קריגן א,. 2. אויך
דזוו אינטערע'ס, בּ1. האָבן אַן א, אין געשעפֿט.
3. אויך דזוו אינטערע'ס, בבֿ 3 — 7.
אינטערעסאַ'נט — אדי. פֿטמ: ־נע, ־
טערעסנע. 1. וואָס רו□ט אַרויס אַן
אינטערעס, בּ6. א'ע ידיעה. א'ע מעשׂה. א, בילד. אַן
א'ע פֿאָרשטעלונג. אַן א'ער מענטש. אַן א, פּנים.
,,אַז איר לויבט אַ שרײַבער איז עס א, נאָר

אינטערעסאַ'נט

פֿאַר די וואָס האָבן אים אַליין געלייענט,,, שנ, קריטיק און קריטיקער. ,,אַזאַ עלערנטער, וואָס פֿאָרשט שטענדיק דאָס לעבן פֿון מיקראָבן זאָל זײַן א,!,,, ספּ, סודות. 2. וויכטיק, נוציק. “מיר דענקען אַז דאָס איז א'ער פֿאַר דעם פֿאָלק אַלס דאָס אומנוציקע שפּאַרן זיך איכער מלמדים,,, קמ, 34 1864' No. ־קייט — ,,עס וואָלט אים אַ שאָד געווען אײַנצושלינגען די גאַנצע מעשׂה אויף אַמאָל צוליב איר א'“, ווײַם II, 'דער איבערגאַנג'.

אינטערעסאַ'נט — דער, ־ן. אויך: ־סע'נט. ווער עס האָט אַן אינטערעס. באַטייליקטער. ווער עס האָט אַן ענין אין אַן אָפֿיציעלן אַמט. די א'ן אין אַ פּראָצעס. ,,דער וואַרטצימער... איז געווען פֿול באַזעצט מיט א'ן, טייל אין ציוויל־קליידער“, אַש.

אינטערעסירט זײַן — צגוו. האָבן אַן אינטערעס אין עפּעס. אַרויסווײַזן אינטערעס. זײַן א, מ י ט עמעצן. זײַן א, א י ן עפּעס. ,,איר ליבּה חבֿירים, ווײַל מיר... מיט זיא יוא זײַנן אינ[ט]רעזירט, דא מוזן מיר זיא שטראפֿין אַז זיך גיבירט,,, ר, יהודה ליב בר, משה

שירי יהודה, אַמשט תּנ„ז. “ער אין יוסף זײַן
האַנד קיין געלט זעהט, דשׂ ער ניכט
אינדרעסירט וואַהר וועגן געלט„, ר, יוסף דאַרמשטאַדט
איבּז, תּורת משה, קאַרלסרואה 1770. „ווי
דערשראָקן און אינטערעסירט איז ער געוואָרן אַלס
ער האָט דעם צימער ליידיק געפֿונען„, ה.
האָפּמאַן, דער פֿאַלשער פּעטער, ווילנע 1880.
־ערהייט. ־קייט.
אינטערעסירן — טרוו ־סיר, אינטערעסירט.
וועקן אינטערעס בײַ עמעצן. אַרויסרופֿן
נײַגעריקייט פֿאַרלאַנג זיך מיטצובאַטייליקן. די
,
פֿראַגע אינטערעסירט מיך. דאָס געשעפֿט וועט
אים א,. די פֿאָרשטעלונג האָט אונדז
אינטערעסירט. „האָט אים אינטערעסירט די אַלמנה...
נאָך גאָר קיין מעשׂה ניט פֿון אַ ייִדענע„,
ממוס, שלמה. „אַ ישיבֿה־בּדזורל —
אינטערעסירט מיך אַלצדינג אין דער וועלט„, שטריגלער.
אינטערעסירן זיך — אוטוו. ←
אינטערעסירן. ⌷. אינטערעס. אַרויסווײַזן אינטערעס.
א, זיך מיט ייִדישער קולטור. א, זיך מיטן
יתום. א, זיך צד וויסן. „.... אינטערעסירט זיך
אויך שטאַרק מיט די נײַע מיני
דאָרפֿספֿאַרשוינען“, ממוס, שלמה. „בײַ דעם

פֿאַרמעגלעכן
קלאַס א, זיך די עלטערן מיט זייערע קינדער
דאָס גאַנצע לעבן“, ספּ, גליקליכע און
אומגליקליכע. “מיר זאָלן זיך א, שוין מער מיט זײַן
קונסט צו שרײַבן, מיט זײַן אויסדרוקס־
פֿעאיקייט, ווי מיט דעם אינהאַלט„, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II. „נאָר הירשלס אויג
אינטערעסירט זיך לעצטנס נישט דערמיט“, ייִד,
'אין דער פֿינצטער'. „.... איז צו פֿיל
אַמעריקאַנער אַז ער זאָל זיך שעמען מיט זײַן
ייִדישקייט און צו ווייניק ייִד אַז ער זאָל זיך דערמיט
א“‘, שעפֿנער אָר, 24 1957 II ־ונג.

אינטערעס(נ)לאָז — אַדי. נר. אויך מיט
—יק. וואָס האָט ניט, רופֿט ניט אַרויס קיין
אינטערעס. אומפֿאַראינטערעסירט —י ייִט —

1299

„... זיי [סכיצאָטימיקער] שליסן זיך אָפּ פֿון
דער סבֿיבֿה צוליב א, צו אַלץ וואָס האָט ניט
קיין דירעקטע שײַכות צו זייער אייגענער
פּערזאָן“, י. קאַנטער פֿגעז, פּאַריז 12 1949, No.

אינטערפּאָזיציע — די, ־ס. <איי <ל.
1. (אַרײַנשטעל פֿון אָ) שטער, בּאַריער אין מיטן. א, אַז דער ליכטשטראַל זאָל זיך איבּערבּרעכן. 2. אַרײַנמיש מיט אַ פֿראַגע, אַן אָפּוועגדונג. אַן א, בּײַם אָננעמען אַ בּאַשלוס. „פֿון זײַנע ליפּן טריפֿן רייד פֿון א, און אַנולירונג“, אויפֿן שוועל, מײַ־יוני 1968. 3. ספּעצ. דאָס אײַנווענדן מצד אַ בּאַזונדערן שטאַט קעגן דער פֿעדעראַלער רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַז ס'ווערט ניט אָפּגעהיט די סוּווערעניטעט פֿון שטאַט.
אינטערפּאָל — דער. קירצונג: אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי. „דער גאַנצער ענין איז איבּערגעגעבּן דעם א'„, טמז, 25 I 196l.
אינטערפּאָלאַציע — די, ־ס. <איי <ל
אַרײַנשטעלונג צווישן'. 1. וואָרט פֿראַזע אָדער זאַץ, אַרײַנגעשטעלט אַנאָנים אין אַ פֿרעמדן טעקסט, ספּעצ הוספֿה צום טעקסט פֿון אַ קאַנאָנישן כּתבֿ־יד וואָס אַ קאָפּיסט גיט צו מיט אַ בּאַשטימטער כּוונה. אַן א, קלאָרער צו מאַכן. אַן א, צו פֿאַרדרייען דעם מיין. “...'וכשלו איש בּאחיו, [ויקרא, כו, 37], אין דעם

עבֿריטײַטש־חומש קומט דאָ אַזאַ א': 'און זיי
וועלן געשטרויכלט ווערן אײנער אין דעם
אַנדערן מחמת דעם אײַלונג פֿון אַנטלויפֿן,,,,
ש. נאָבל, חומש־טײַטש, נ"י 1943. ,,דאָס הייסט
ניט אַז אַלע גלאָסעס... אין פּירוש רשי
זײַנען אַרײַנגעשטעלט געוואָרן שפּעטער; ש.
בּירנבּוים האָט שוין אַמאָל ריכטיק באַמערקט,
אַז דערווײַזן א, דאַרף דער וואָס לייקנט די
עכטקייט", מוו, ייִשפּ ▯ 1 ,X.

2. (מאַט) צוגאָבּ פֿון אַ פֿעלנדיקער פּאָזיציע
אין אַ ריי, אַ טאַבּעלע, אויפֿן סמך פֿון די
געגעבּענע צאָלן. אין אַ ריי 13 ...5 ,3 ,1 אַן
א, פֿון 7, 9, 11. ווען מע ווייס די צאָל אײַנוו,
פֿון אַ לאַנד אין 1950, 1960, 1970 — אַן א,
פֿאַר די יאָרן 1955, 1965.

־אַטאָר, ־אַ'נט — דער. —ירן — טרוו.
־ירט, פּאַר — ,,אין מהד ליד 'אַ שבֿח אויף
שלמהן, ווערט צווישן 5טן און 6טן אָפּשניט
אויף אַ קענטיק א'ן אָרט דערציילט וועגן
שלמהס ראַנגלענישן מיט אַ לינדוואָרעם,,,
פֿעליקס פֿאַליק, ייִבל 3 ,XIII־4. ־ירונג.
אינטערפּונקציע — די, ־ס. <איי <ל.
סיסטעם פֿון אָפּשטעלצייכנס (פּונקט, קאָמע,
פֿרעגצייכן אאַזוו) אין דער שריפֿטשפּראַך.

,,איבערגעלאָזט די אָרטאָגראַפֿיע פֿון אָריגינאַל
... בלויז די צייבנס פֿון א, ריכטיקער
אויסגעשטעלט,,, נפּ, ייִדישע פֿאָלקסלידער II, וואַרשע
תּרע״ג. ״די לידער זענען אין אָריגינאַל נישט
געשריבן שורותווײַז, אָבער די פֿערזן זענען
אָנגעוויזן מיט א,,,, ביר, ייִבל XIII, 1־2.
אינטעדפּלאַנעטאַ'ר(יש) — אַדי. וואָס
געפֿינט זיך צווישן די פּלאַנעטן. א'ער שטח.
א'ער פֿאַרקער.

אינטערפֿעלקערלעך
אינטערפּעלIאַציע — די, ־ס. <איי <ל.
אַרײַנפֿאַל אין די רייד,. אָפֿיציעלער און דורך
,
באַשטימטע כללים רעגולירטער אָנפֿרעג אין אַ
פּאַרלאַמענט (דאָרטן וואו די רעגירונג נייטיקט
זיך אין צוטרוי פֿון פּאַרלאַמענט) מצד אַ
מיטגליד אָדער אַ גרופּע מיטגלידער וועגן דער
האַנדלונג פֿון אַ מיניסטער אָדער דער גאַנצער
רעגירונג בשײַכות מיט אַ פּאָליטישן ענין.
[דער רעזולטאַט קען זײַן אַ דעבאַטע וועגן
דעם ענין און אויך אַן אָפּשטימונג פֿון צוטרוי
אָדער אומצוטרוי צו דעם מיניסטער אָדער
דער גאַנצער רעגירונג.] ״אַ גלח האָט אויך

אַרײַנגעטראָגן אַן א, אין פּאַרלאַמענט“, ייִז, יאָשע קאַלב ־אַטאָר. ־אַ'נט. ־ירן — טרוו. אַרײַנטראָגן, אַרײַנבּרענגען אַן א, ־ירונג.

.

אינטערפּרעט▯אַציע — די, ־ס. <איי <ל.

1. אויסטײַטשונג, אויפֿקלערונג, אַרײַנטײַטשונג. טיפֿזיניקע א'. „אַפֿילו די א, פֿון אַ שיטה איז שוין אַ קריטיק און אַ משפּט, און פֿילאָסאָפֿיע האָט אירע אייגענע טריבּונאַלן“, קאָר I. „מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ענדערונג פֿון טאָן און צוגאַנג אין דער א, פֿון רעליגיע“, גרין, מענטשן און ווערטן.

2. קאָמענטאַר, אַנאַליז. וויסנשאַפֿטלעכע א, פֿון קלאַסישע ווערק. „די דאָזיקע בּרייטע קולטור־היסטאָרישע א, פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג מאַכט צינבּערגס אויפֿגאַבּע אויסערגעוויינלעך בּרייט און גרויס„„ שנ, ייִד, שרײַבּער אין סאָוו, פֿאַרבּאַנד.

3. בּאַשייד פֿון בּאַטײַט פֿון זינען. א, פֿון

,

אַ חלום (פּותר חלום זײַן). א, פֿון אַן אָנצוהערעניש.

4. אָפּטײַטשונ▯ פֿאַרטײַטשונג, איַנטײַטשונג, איבּערזעצונג מיט אַ דערקלערונג, מיט אַ

פּירוש. א, פֿון אַ פּסוק פֿון אַ מדרש לויט

,

אַ פֿילאָסאָפֿישער סיסטעם.

5. אַרײַנטײַטשונג, איבערטײַטשונג בײַם אויפֿפֿירן אַ קונסטווערק. דעם דיריגענטס (רעזשיסאָרס) א.. דער זינגערינס א, פֿון פֿאָלקסליד. "'הבימה, און די 'ווילנער, האָבן געהאַט אַנדערע א'ס פֿון דעם ,דיבוק, ־אַטאָר —

- -

.

,,עס האָבן געדאַרפֿט קומען א'ס צו פֿאַרענדיקן דעם פּראָצעס פֿון פֿאַרוואַנדלונג,,, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... ־אַטיוו — אַדי. א'ער טעקסט. א'ע טענץ. ־ירן — טרוו. ,,דאָס טעאַטער האָט די איין־און־איינציקע אויפֿגאַבע — צו א, און אילוסטרירן דאָס ליטעראַרישע ווערק", מוק, טעאַטער און ייִד, טעאַטער. ־ירונג. ־ירט — פֿאַר, אַדי. אַ טיפֿזיניק א, ווערק. טעאַטראַל־א'ע ליטעראַטור.

אינטע'רפּרעטער — דער, ־ס. אַמ.

טאָלמעטשער. אַן א, בײַם קאָרט [=געריכט].

אינטע'רפּרעטן — טרוו. ,,מע דאַרף עס

ריכטיק א׳״, רייד (נ״י).

אינטערפֿעלקער□לעך — אַדי.

צווישנפֿעלקערלעך. אַן א׳ע קערפּערשאַפֿט. ,,די צאָל לענדער וואָס זײַנען אָנגעשלאָסן אין אָט דער א׳ער פֿאַראייניקונג (יו־ען)״, טמז, 1965 I 10.

־יש.

אינטערפֿעראָמעטער

אינטערפֿעראָמעטער — דער, ־ס.

אינסטרומענט צו מעסטן אָפּטישע אינטערפֿערענץ.

אינטערפֿערIע׳□ן — די, ־ן. <איי <ל.

׳צוזאַמענטראָגונג׳. 1. אַרײַנמיש, שטערונג. אַן א, פֿון זײַטיקע פֿאַקטאָרן. אַן א, מצד דעם געריכט. ,,מער צי ווינציקער א, □פֿון דער דרויסנדיקער שפּראַכיקער סיסטעם,,, מוו, ייִשפּ X□II, 2. 2. (פֿיזיק) קעגנזײַטיקער עפֿעקט און אויך שטערונג (פֿאַרשטאַרקונג, אָפּשוואַכונג, שינוי אין ריכטונג אאַ), ווען עס טרעפֿן זיך צונויף בינטלעך ליכט־שטראַלן, קלאַנגענכוואַליעס, ראַדיאָ־כוואַליעס. אָפּטישע א,. ניט קענען הערן ראַדיאָ איבער א׳. אַ צעדרייט בילד אויף טעלעוויזיע איבער א׳. ,,די א, פֿון ל□כט באַשטייט אין דעם, אַז צוויי פֿאַרשיידענע ...

ליכט־שטראַלן קאָנען... צוזאַמען נישט נאָר
פֿאַרשטאַרקן די ליכטיקייט, נאָר אויך אַמאָל זי
פֿאַרקלענערן און... אינגאַנצן מאַכן פֿינצטער„,
גוטנ ־ירן — טרוו. אויך מיט ז י ך.
־ירונג. ־ירער. ־ע'נט — אדי.
אינטערציז(י)ע — די, ־ס. >איי <ל. [פֿון
צוויי באַזונדערע ווערבן: ־ in□er(□e(1e□e, in□e□
'צווישנשפֿאַלטונג'. 'אַרײַנטרעטונג' [.c□i(le□re□
1. אַרײַנמישונג אין אַ סכסוך פֿון אינטערעסן
כּדי צו ברענגען צו אַ פּשרה. 2. אָפֿיציעלער
אָפּמאַך צווישן אַ פֿאָרפֿאָלק וואָס גאַראַנטירט
דער פֿרוי איר חלק אין מאַנס פֿאַרמעגן. א,
דערלאָזט ניט אַז אין פֿאַל פֿון מאַנס באַנקראָט
זאָל דער פֿרויס פֿאַרמעגן לײַדן שאָדן. „אַ
שידוך פֿון צוויי פֿעלקער! אין אינטערציזע איז
פֿון אַסימילאַציע קיין וואָרט נישט געשטאַנען!
פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון ייִדישקייט — קיין
איינציק וואָרט!“, פּרץ געדאַנקען און אידייען.
אי'נטערצעלולאַ'ר — אַדי. >איי <ל.
צווישנקעמערלדיק. וואָס געפֿינט זיך צווישן
אַ קעמערל און אַ צווייטס אין אַן אָרגאַנישער
סטרוקטור. א'ער שטח. א'ע פֿערמענטן, א'ע
שטאָפֿן. אויך סוב — “ליידיקע ערטער אין
דעם פֿלאַנצלעכן געוועב ווערן אָנגערופֿן א,־

רוימען אַדער פּראָסט א'ן,,, א. ש. זאַקס, דאָס
לעבן פֿון פֿלאַנצן, נ,,י 1916.
אינטערצעפּטאָר — דער, ־ס. לײַכטער
מיליטערישער נאָכיאָג־עראָפּלאַן.
אינטערקאַלאַציע — די, ־ס. <איי <ל.
אַרײַנשטעלונג'. 1. הוספֿה פֿון אַ וואָרט,
,
אַ שורה, אַ פּונקט אין אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט.
2. צוגאָב פֿון אַן איבעריקן טאָג צום חודש
פֿעברואַר איין מאָל אין פֿיר יאָר. 3. דזוו
עיבור אין לוח. ־ירן — טרוו. געניצט אין
ייִדיש פֿון שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער. א, נאָך
אַ שורה אין אַרטיקל. ,,אין קאָנטראַקט דאַרף
מען א, נאָך אַ פּונקט,,, רייד (בּ"א). ־ירונג.
אינטערקאָמוניקאַציע — די, ־ס.
קעגנזײַטיקער פֿאַרקער צווישן צוויי געאָגראַפֿישע
פּונקטן. אויך: קעגנזײַטיקע אינפֿאָרמירונג.
־ירן — אוטוו.
אי'נטערקאָנגרענאַציאָנאַ'ל — אַדי. אויך:
־נעל. וואָס האָט אַ שײַכות צו צוויי אָדער
מער קאָנגרעגאַציעס. ,,די בשותּפֿותדיקע א'נאַלע

באַזאָרגונג פֿון די ייִדישע קהלשע הצטרכותן,,,
ר. גלאַנץ, ייִבל XXIX.
אי'נטערקאָנטינענטאַ'ל — אַדי. וואָס איז
צווישן קאָנטינענטן. א'ע פֿאַרבינדונגען.
אינטערקאָנפֿעס אָנעל—אַדי. אויך. ־נאַל.
י
.
וואָס איז שייך, וואָס איז שותּפֿותדיק פֿאַר
פֿאַרשיידענע קאָנפֿעסיעס (רעליגיעס). ,,... ווען
אונדזער טעזע זאָל זײַן ריכטיק, אַז דער
כּישופֿבּילבול איז אַן א'ע דערשײַנונג“, מתּתיהו
מיזיש, ייִבל XIII, 1־2.
אינטערקלאַסאָווע — אַדי. סאָוו. וואָס איז
צווישן געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן. א,
באַציאונגען.
אינטערראָג ירן — טרוו. <איי >ל.
געניצט אין ייִדיש פֿון שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער.
אויספֿרעגן. אויספֿאָרשן. ”אַז מע ווער אים ווי
געהעריק א, וועט ער זיך מודה זײַן,,, רייד
(בּ“א). ־אַטאָר. ־ירונג.
אינטעררעגנום — דער, ־ס. אינטערוואַל
צווישן סוף רעגירן פֿון איין מאָנאַרך און
אָנהייב רעגירן פֿון אַ צווייטן. ,,וועגן ייִד ווערט
... דערמאָנט אין פֿאַרבינדונג מיטן בונט פֿון
פֿאָלק... בעת דעם קורצן א'“, זק איבז,

שד ▯I. ,,נאָך דער געוויינלעכער מהומה פֿון א,
אָדער צווישן־▯לכות“, ים איבֿז, שד II▯ .
אינטערשטאָטיש — אַדי. צווישנשטאָטיש.
א'ער פֿאַרקער.
אינטראַ־ — ל. פּרעפֿיקס אין
אינטערנאַציאָנאַליזמען מיטן בֿ: אינעווייניק. געוויינלעך מיט
אַדיעקטיוון. אינטראָ־ — געוויינלעך מיט
ווערבֿאַלע שטאַמען.
אי'נטראַאורבֿאַ'ן — אַדי. וואָס איז אין אָ
גרויסער שטאָט. א'ע אינטערעסן.
אי'נטראַאָקולאַ'ר — אַדי. וואָס איז
אינעווייניק אין אויג. אַן א'ע אָנצינדונג.
אי'נטראַבֿראָנכיאַ'ל — אַדי. וואָס האָט
אַ שײַכות צום אינעווייניק פֿון די בֿראָנכן.
,,... וועגן דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער
אינפֿעקציע אויפֿן א'ן וועג“, 'טאָז, שריפֿטן,
וואַרשע 1929.
אינטראָדוק▯ציע — די, ־ס. <איי <ל.
אַרײַנפֿירונג.. 1. וואָרט פֿאָרויס, אַרײַנפֿיר
,
צו אַ ליטעראַריש אָדער וויסנשאַפֿטלעך ווערק
(ניט פֿונעם מחבר גופֿא). אַן אויפֿקלערערישע

א'. אַ פֿרײַנדלעכע א'. 2. צוגרייטנדיקער אַרײַנפֿיר צו אַ וויסנשאַפֿטלעכן קורס. אַ צו לאַנגע א'. 3. (מוזט) קורצע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע וואָס איז אַ צוגרייטונג צו אַ סימפֿאָניע, סאָנאַטע אע. אויך: אינסטרומענטאַלער אַרײַנפֿיר צו אַן אַקט פֿון אַן אָפּערע אָדער אָפּערעטע. 4. דאָס פֿאָרשטעלן פֿאַרן עולם אַ וויכטיקן גאַסט וואָס באַטייליקט זיך אין אַן אונטערנעמונג.

־טאָר. —טאָריש — אַדי. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אינטראָדוקציע. א'ע מליצה. ־טיוו — אַדי. וואָס דינט ווי אַן אינטראָדוקציע. א'ע באַמערקונגען.

אינטראַנזיטיוו

אינטראָדאָקשן — די, ־ס. אַמ. דזוו אינטראָדוקציע און בכלל דאָס פֿאָרשטעלן אָ פֿרעמדן מיט זײַן נאָמען (און טיטל).
אינטראָדיו'סן — טרוו.
אינטראָדוצירן — טרוו. מאַכן אַן אינטראָדוקציע. א, אַ נײַעם קורס. א, דעם לעקטאָר. ־ונג. ־ער.
אינטראַווענע'ז — אַדי. וואָס איז אין די

ווענעס. א'ע איַינשפּריצונג. „די בעסטע
רעזולטאַטן גיט די טעגלעכע איַינשפּריצונג א'“,
שאָז, שריפּטן, וואַרשע 1929.
אינטראָווע'רט — אַדי & סוב (וונ דז). <איי
<ל. ווער (וואָס) איז צוגעווענדט אינעווייניק
צו זיך, אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך, אין
אייגענע איבערלעבונגען; וואָס האָט ניט די
טבֿע זיך צו אַנטפּלעקן ֯אַר אַנדערע. היפּוך:
עקסטראַווערט פּאַר אַזאַ שׂנאה זײַנען זיי
.„
ביידע ניט געווען גענוג א'ן, ניט גענוג
כּלפּיפּנים־מענטשן“, גרינ,... טאָגבוך. ־ירן —
מאַכן אינטראָווערט ־ירט — פּאַר, אַדי.
.
ווערן אַן א'ער הערמיט.
אינטראָווער֯סיע — די, ־ס. אַקט,
פּראָצעס, מצבֿ פֿון זײַן אינטראָווערט. „העלענקע,
ווי אַ פּס֯באָאַנאַליטיקער וואָלט זיך
אויסגעדריקט, איז אַ מענטש פֿון א'ס, אַן אין־זיך־טיפּ„,
שנ, שלום אַש. ־סיוו — אַדי. וואָס פּירט
צו אינטראָווערסיע. א'ער שטויס.
אי'נטראַטעריטאָריאַ'ל — אַדי. וואָס איז
אין די גרענעצן פֿון אַ טעריטאָריע. א'ע

אונטערשיידן צווישן פֿאַרשיידענע געגנטן.
אינטראָיעקציע — די, ־ס. <איי <ל.
,אַרײַנוואַרפֿונג'. 1. דזוו אינטעריעקציע ←.
,,די ערשטע קינדערשע ווערטער זענען... א,־
ווערטער וואָס דינען אָלס אויסדרוק פֿון געפֿיל,,,
דר, י tראל רובין, דעך יונגער מענטש און
ז ,ן אַנטוויקלונג, בערלין 1926. 2. (
פסיכאָלאָגיע) אַקט, פּראָצעס, מצבֿ פֿון צושרײַבן
אומבאַלעבטע זאַכן די פֿעאיקייט צו פֿילן און
רעאַגירן. 3. (פּסיכאָאַנאַליז) דאָס פֿאַרבינדן
זיך און אידענטיפֿיצירן זיך מיט זאַכן אָדער
פּערזאָנען און דאָס פֿילן אַז וואָס עס געשעט
מיט זיי גיסט זיך צונויף מיטן אייגענעם איך.
אינטראַמאָלעקולאַ'ר — אַדי. וואָס איז
(געשעט) אין אַ מאָלעקול. א'ע עלעקטרע.
אי'נטראַנאַזאַ'ל — אַדי. וואָס איז
אינעווייניק אין דער נאָז. אַן א'ע אינפֿעקציע.
אי'נטראַנוקלעאַ'ר — אַדי. וואָס איז אין
דעם נוקלעאוס פֿון אַ צעלטל (קעמערל). א'ע
דערשײַנונגען.
אינטראַנזיטיוו — אַדי. <איי <ל. ,
ניטאיבערטראָגעוודיק'. (גראַמ, וועגן ווערב) וואָס
באַצייכנט אַן אַקציע פֿון אַ נייטראַלן
כאַראַקטער, וואָס איר ווירקונג איז ניט חל אויף קיין

אַנדער אָבּיעקט. דער א'ער ווערבּ האָט ניט
נאָך זיך קיין דירעקטן אָבּיעקט פֿון א'ן ווערבּ

.

קען ניט זײַן קיין פֿולע פּאַסיווע קאָנסטרוקציע,

וואו □ון דעם דירעקטן אָבּיעקט ווערט דער

אינטראָניזירן

סובּיעקט. דוגמאָות; גיין, ליגן, שלאָפֿן אע.
לאַכן, שטאַרבּן, עקסיסטירן אאַ.
אינטראָניזירן — טרוו. ־זיר, אינטראָניזירט.
מיט אַ פֿײַערלעכן צערעמאָניאַל בּאַזעצן אויף
אַ טראָן. א, דעם יונגן פּרינץ. ־ונג — ,,
אָנגעשריבּן לכּבֿוד דער א, פֿונעם קיניג“, מוו
איבּז פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז.

,

אינטראָספּעק□ציע — די, ־ס. <איי >ל.
אַרײַנקוק אינעווייניק'. (פֿאָרשונג אויפֿן סמך

,

פֿון) אַליין־אָבּסערווירונג; נאָכטראַכטונג וועגן
אייגענע איבּערלעבּונגען, וועגן אָנגעזאַמלטער
לעבּנס־פּראַקטיק און אַליין־אָפּשאַצונג.
אינטראָספּע'קט — דער. ווער עס איז תּמיד
גענייגט צו אינטראָספּעקציע. ־טיוו —

אַדי. א'ער מעטאָד אין פּסיכאָלאָגיע. א'ע לידער.
־טיוויזם — אין פּסיכאָלאָגיע. אײַך
ריכטונג אין מאָלערײַ און פּאָעזיע, געבויט אויף
דער הנחה אַז דער שטאָף פֿאַר יעדער
קינסטלערישער שאַפֿונג דאַרף זײַן די אינעווייניקסטע
וועלט פֿון דעם קינסטלער (דיכטער). ←
אינזיכיזם. ▯דער אינדיווידואַליזם און דער א, איז
פֿאַר די פֿאָרשטייער פֿון דער מאָדערנער
— ...
▯ונסט אין אייראָפּע... פּונקט אַזאַ
אַנאַכראָניזם ווי די... שטאָלצע נזירות פֿון דעם
עסטעט,,, שנ, לעזער▯ דיכטער, קריטיקער I. ־
טיוויסט. ־טירן — טרוו.
אין טראָק — אין אויסדרוק: ה ע ר ן (ווי)
א, ט', ה אָ בּ ן א, ט, = ניט געהאָרכן, זיך
אינגאַנצן ניט רעכענען. [טראָק — שטעטל אין
ווילנער ג, מיט אַ גרויסער עדה קראָים. סבֿרה
פֿון אַ פּאָדאָליער: טראָק פֿאַראיידלונג פֿון

קראָק]. ,,מרדכי האָט אים געהערט א, ט,,
פֿלעגט אַראָפּרוקן דעם קאָזיראָק און האָט זיך
גאָרניט וויסנדיק געמאַכט,,, אָ. בּודזאָהן, המן

מיט מרדכי'ן, ווילנע 1893.

אינטרו זער — דער, ־ס. <איי <ל. 1. (
אָפֿענער אָדער געהיימער) אַרײַנדרינגער. א, אין
פֿרעמדן באַזיץ. באַנדעס א'ס. אַן א, אין אַ
אַראיין. אַן א, אָן אַ דיפּלאָם וואָס

פראַקטיצירט מעדיצין. 2. זײַטיקע, פֿרעמדע (
שעדלעכע) זאַך וואָס דרינגט אַרײַן אין אַ לעבעדיקן
קערפּער אָדער אין אַ פֿרעמדער מאַסע. דער
שווערער מעטאַל דער א, אין זאַמדיקן באָדן.
,,אויכ דער פֿרעמדער קערפּער איז קאָנטיק...
קען מען זייער פּאָרזיכטיק פּרוּוון אים באַזײַ..
טיקן... אויף אַזאַ אופֿן אַז דער א, זאָל ניט
קענען אַרײַנקריכן טיפֿער אין אויער,, פֿגעז,

,

ווילנע 5 1940, No. ־זי'וו — אַדי.
אַרײַנדרינגעריש. א'ע חוצפּה. א'ע קערפּערלעך.
־זיווקייט. ־זיע — אַרײַנדרינגונג.
דורכפֿירן אַן א'.
אינטריגאַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
פּפֿ: אינטריגאַ'ן. <איי <פֿר. ווער ע
פֿירט דורך אַן אינטריגע. ווער עס פּאַרפֿירט
אַן אינטריגע. ווער עס האָט אַ נטיה צו

אינטריגעס. אַ געפֿערלעבער א'. אַ מיאוסער א'.
„דער הויפּט־א, וואָס האָט אָנגעמאַכט די
פּאָגראָמען... איז געווען אַן אַדעסער צײַטונג,„
ספּ, יידישער קאָלאָמניסט. „צום הויפּט־א, און

13()1

מלחמה־אונטערצינדער נאַסער, האָט מען
צוגעשיקט אַ ספּעציעלע נאָטע„, טמז, 24 1964 X.
אויך: אַקטיאָר וואָס שפּילט געוויינלעך די ראָלע
פֿון אַן א, ־יש — א'ע גענגעלעך. דער א'ער

.
שׂונא. "ס'האָט אַלטע שׂנאה אָפּט פֿאַרטראָגן
אויך אַהערצו... מיט רשעות אינטריגאַנישער„,
לע, אַמעריקע און איך. אינטריגאַנערײַ.
אינטריג ירן — ־גיר, אינטריגירט. אוטוו —
פֿירן אינטריגעס פֿאַרפֿירן רכילות,
פליאָטקע,
וען. מיט דעם בּ אויך: ־עווען. א, אין געהיים
קעגן דעם מאַכט. א, קעגן פֿאָרזיצער פֿון
פֿאַראיין. א, קעגן דער שנור. העצן און
אינטריגעווען. טרוו פֿאַראינטערעסירן עמעצן,

וועקן נײַגער, בּאַגער זיך נעענטער צו בּאַקענען,

מער צו וויסן וועגן דעם. אַרויסרופֿן אַ רעאַקציע (וואָס מע ריכט זיך אויף איר). "זי איז צו דער טיר צוגעלאָפֿן און זיך אומגעקערט: — באַהאַלט זיך דאָ הינטער דער טיר... איך וועל זי א',,, אפֿרים קאַגאַנאָווסקי, 'יענע יאָרן'. ,,זייער ציוויליזאַציע איז די צו מיינסט א'דיקע, קאָמפּליצירטע, אינטעליגענטע און צוגעפּאַסטע צו די לעבנס־שוועריקייטן,,, גרינג, מענטשן און ווערטן. ־ירט — אַדי. די א'ע צוקוקערס.
,,מענטשן פֿלעגן פֿאַרבײַגיין פֿאַר די דאָזיקע הײַזער אָנגעשראָקענע, נײַגעריק און א',,, סעג, פֿון רוסלאַנד..., וואַרשע 1920 ־ירונג.

.

־ירער. ־ער — ,,עוקר מן השורש זײַן די... בלוטזויגער... א'... און מחלל־השמניקעס,,, ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות, No 7, אַדעס 1883.
־ערײַ — טואונג פֿון אינטריגירן, סיסטעם אינטריגעס.
אינטריגע — די, ־ס. <איי <ל. 'בייזוויליקע כּוונה'. 1. אָנשטעל, הינטערגאַנג, טאָפּלשפּיל, פֿאַלשקייט, כיטרעקייט — ווי אַ מיטל עפּעס צו דערגרייכן אָדער עמעצן (עפּעס) צו שעדיקן. טרײַבן א'ס. אַן א, קעגן דער שוועגערין. גראָבן פֿון הינטן אַרום מיט א'ס. ,,יעדער ליגן

געמאַכט פֿאַר אַן אמת   פֿון פֿרײַנדשאַפֿט...
...
געמאַכט א'ס,,, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887. ,,ווײַל איר ליבּט צו פֿיל געלט, דערום האָט איר גאָרניט איבּערגערעכנט פֿילײַכט איז עס נאָר א'ס'', י. בּודזאַהן, אַגיטראַײַע ווײַבּיל חלעבּין, ווילנע 1892. ,,האָט ער געליטן פֿון שיקאַנעס, א'ס און פֿון אונטערגעשטעלטע פֿיסלעך,,, נ. סווערדלין, טמז, 9 1964 I. מיט דעם בּ1 & בּ3 אויך פּקפֿ און פּעיאָ אינטריזשקע — רוסיצ.

2. (פֿאַר)האַנדלונג מיטן צוועק אָפּצונאַרן, צו פֿאַרפֿירן. אַקציע כּדי צו דערגרייכן אַ ציל מיט אומערלעכע מיטלען. פּ אָ ל י ט י ש ע א'. צווישנפּאַרטייאישע א'ס. אַן א, קעגן דעם ייִדישן מיניסטער. ,,האָבּן שוין פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי די זאַך צו פֿירן... דורך טויזנטער א'ס און אונטערשיסעלעך,,, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. ,,און דערמיט צוגלײַך טאַקע — פֿײַנדשאַפֿט, קריג, א'ס, רכילות, בּלבּולים און אונטערהידעניש מענטשן אַקעגן מענטשן,,, ומוס, ווינטשפֿ

3 פֿאַרשווערונג, קאָמפּלאָט. געהיימער אָפּ.

רייד קעגן אַ יחיד אָדער אַ גרופּע וואָס האָט

איני יודע

די מאַכט. הינטערקוליסן־פּאָליטיק אַרויסצורופֿן
אַ צוזאַמענשטויס צווישן גרופּעס אָדער מלוכות.
צערודערן אַ גאַנצע שטאָט (אַ גאַנץ לאַנד) מיט
אַן א'. אינטערנאַציאָנאַלע א'. ה ו י ף־א'. „
ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו... האָט אפֿשר דאַן דערפֿילט
ווי נישטיק עס איז די קרוין, מיטן טראָן, מיט
אַלע הויף־א'ס“, סעג, רוסלאַנד..., וואַרשע
1920. „מער פֿון אַלץ איז זי אויסגעקאָכט אין
דער פּאָליטיק פֿון לאַנד, אין א'ס,
הינטערקוליסן־מאַכינאַציעס“, ייִז,... קאַרנאָווסקי.
4. געהיימע ליבע. ליבע־שפּיל. פֿאָרפֿירן אַן
א,. די ליבע־א'ס פֿונעם לערער אין שטעטל.
“און באַלד פֿון אָנפֿ[אַנגס אָן געזעסן אין
פֿענצטער כּדי מיך צו קענען פֿאַרפּלאָנטערן אי
אירע א'ס“, ווײַס I, ,איינער אַ מענטש,.
5. סיפּור־המעשׂה וואָס איז שטאַרק
פֿאַרוויקלט. פּלאָנטער פֿון האַנדלונגען אין אַ ראָמאַן,
דראַמע, קאָמעדיע אאַ. די א'ס אין דער
קלאַסישער שפּאַנישער קאָמעדיע. די א'ס אין
גאָלדפֿאַדענס ,די ביידע קוני־לעמלס,. קאָמעדיע פֿון

א, = צאָל צוניפֿטרעפֿענישן וואָס שאַפֿן קאָמישע סיטואַציעס.

אינטש — דער, ־ן, ־עס. ineh: □<. מאָס פֿון לענג. צאָל. אַ פֿוס האָט 12 א'עס. אַן א, איז 2.54 צמ. „יעדער א, אין מיר איז אַ דזשענטעלמאַן“, אָפּאַ, אונטערוועלט.

איני — [איינ□] זוו. תּח. <חולין, צו/ב; מועד קטן, כ/א אאַ. אַזוי גאָר? ס'איז דאָך ניט אַזוי. [אַ באַשטענדיקער תּלמודישער אויסדרוק וואָס קומט על־פּי־רובֿ פֿאַר ,והאמר, אָדער 'הא„ ווען ס'איז אַן אָפּפֿרעג אויף אַן אַרויסזאָג, אַז דער אָדער יענער אַמוֹרא האָט אַזוי געמיינט. מע ברענגט דערבֿ— אַ מימרא פֿון דעם זעלבֿיקן

□ י

אַמוֹרא, וואָס דריקט אויס פּונקט דעם היפּוך.] „א'? האָסט נעכטן געזונגען אַן אַנדער לידל„.

אין יד אַרײַן — [יאַד] דזוו אין האַנט אַרײַן ←.

איניונקציע — די, ־ס. סטוטש. <איי <ל. פֿאַרמעלער, געריכטלעכער פֿאַרבאָט אָדער אויפֿפֿאָדערונג. ← אינדזשאָנקשן.

אין יוצא ואין בא — [איין יויצע...] זאַץ. תּח. <יהושע, ו, 1. קיינער גייט ניט אַרויס און קיינער קומט ניט אַרײַן [וועגן דער שטאָט

יריחו וואָס יהושע האָט באַלאַגערט]. געניצט
מיטן בּ: אָפּגעשלאָסן, אָן שום פּאַרקער. „און
דאָ שטייען די געוועלבּן אַרום און אַרום ליידיק,
א, י, וא, בּ',,, פּרץ, 'זיבּן גוטע יאָר'. „אין די
שמאָלע שאַטרעלעך וואו ווייַבּער פֿלעגן באַזאָרגן
די גאַנצע וועלט — איז איצט תּשעה־בּאבֿ, א, י,

וא, בּ',,, ח. י. פּערל, פֿאַרלאָשענע ליכט אין
מאַרמאָרעש, ת,,אָ תּשי״ח.

איני, — אינטעריעקציע. על. נאַזאַלער
אויסרוף אײַנצושטילן דעם עוֹלם בּײַם דאַוונען, ווי
אין מזרח־אייראָפּע נו־אָ.
איני יודע— [אייני יוידייאַ] זאַץ. תּח. >בּרכות,
ד/א; איכה רבּה, פּתיחתא כד. איך ווייס ניט.
„געוואוין צו דײַן צונג צו זאָגן א, י',,, „בּעסער
צו זאָגן א, י, איידער צו בּלײַבּן אַ ליגנער״,
״אַ זייגער וואָס שטייט ווײַזט ריכטיק די צײַט
צוויי מאָל אין עת־לעת, און דער גרעסטער

איננײַן גיין

עם־האָרץ ענטפֿערט ריבטיק, ווען מע פֿרעגט
אים: וואָס איז דער טײַטש א, י״״ פֿוול. אויך

'

טובֿ — דער א־י.. "ער איז ניט קיין
באַהאַוונטער, אַ פֿולער, אַ פֿאָלנער א־י"". אויך:
אינידדע, קאל ווב.

□יניין גיין — אַרכ. אויך אַנדערע ווערבן

□ -

מיט אינײַן = אַרײַן. „מכריז זײַן בסרבנות אין
דעם ב"ה [בית־המדרש] וואו ער א, גייט", תקק.

אינינג — דער, ־ס. אַמ. (בייסבאָל) טייל פֿון
שפּיל, ווען די שפּילערס, לויט דער ריי נאָך,
האָבן אַ שאַנס צו קלאַפּן די פּילקע, ביז עס
פֿאַלן אַרויס דרײַ פֿון יעדער מאַנשאַ□ט. אַ
בייסבאָל־שפּיל באַשטייט פֿון נײַן א'ס.

איניעצירן — טרוו. ־ציר, איניעצירט. <איי
<ל. ד־וו איניעקט□רן. אַרײַנשפּריצן אונטער
דער הויט. א, אין די ווענעס אַ נײַעם
פּרעפּאַראַט ־ונג.

.

איניעקציע — די, ־ס. <איי <ל.

אײַנשפּריצונג. 1. דאָס אַרײַנשפּריצן אַ פּליס□קע
רפֿואה אונטער דער הויט, אין די מוסקלען אָדער
ווענעס. מאַכן אַן א'. באַקומען אַן א'. 2□ די
אַרײַנגעשפּריצטע רפֿואה. די נײַע א, קעגן

אינפֿלוענצ(י)ע —טירן — טרוו. 1. דורכפֿירן

.

אַן איניעקציע. א אַלע שולקינדער קעגן פּאָליאָ.

,

2. פֿיג. אײַנקנעלן, אײַנטאָלקעווען מיט עמעצן
ווענן אַן אידיי(ע), מיט דער כּוונה עס זאָל טיף
אַרײַנדרינגען אין איס. "מיר מוזן... א, [יִידישן
אינהאַלט] אונדזער יוגנט, כּדי עס Iאָל זיי ניט

□

זײַן אַזוי שווער צו זײַן אַ ייִד", א גאָלאָמבּ,
נײַע ייִדישע שול יאָרבּוך ll, מעקסיקע 0□19.
־טאָר — 1. אינסטרומענט צו מאַכן אַן
איניעקציע. 2. אַפּאַראַט אַרײַנצופּאָמפּען וואַסער
אין אַ דאַמפֿקעסל, לאָקאָמאָטיוו אאַ.
איניציאַטאָר — דער, ־ן (־ס). וונ ־ין, ־שע,
־קע, ־ס. ערשטער מחדש, אָנהייבער. □. דוווו.
,,א, פֿון דער נײַער שטאָט און דער
איבּערפֿלאַנצער פֿון באָבּראָווער חסידות אין
אַמעריקע" פֿאָר, 29 □1965 I ־יש — אַדי. א'ער

. ,

אידייען־צענטער. ־ישקייט.
איניציאַ□טי'וו — די, ־ן. <איי <ל. עלטערע

פּפֿ. ־טיווע.   1. ערשטער טריט, פּרווו,

.

שטויס צו אַ האַנדלונג, אונטערנעמונג אדגל. נעמען (אויף זיך) די א'. די א, אײַנצושטעלן אַן ענגערן קאָנטאַקט צווישן די ייִדישע ישובֿים. א, צו באַקענען ענגליש־רעדנדיקע ייִדן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. א'־גרופּע. א'־קאָמיטעט.

2. אַקציע וואָס דאַרף זײַן אַן אָנהייב פֿאַר אָדער קעגן עפּעס. א, צו בײַטן די פֿאַרוואַלטונג. א, אײַנצושטעלן נײַע מעטאָדן פֿון ייִד, קולטור־אַרבעט. "... ער זאָל אַרויסטרעטן אין פֿראָנט און נ ע מ ע ן אויף זיך די א, פֿון דער ייִדישער באַ□ רײַאונג", זשיט IX, נ"י 1919. „דער צוזאַמענפֿאָר דריקט אויס זײַן דאַנק דעם דזשאָינט פֿאַר דער א, איבערצוגיין פֿון דער פֿילאַנטראָפּישער שטיצע צו אַ פּראָדוקטיווער טעטיקייט", די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וואַרשע 2 1926, No.

3. פֿעאיקייט, ווילן אָנצוהייבן עפּעס, אויך

13()2

צו טאָן אויף אייגענעם באַראָט. האָבן אַ סך א'.

א, זיך צו מאַכן פֿרײַ פֿון אַן אַפּיטרופּ(ו)ס.
,,... ניט דערשטיקנדיק די א, און ניט
אַרײַנמישנדיק זיך אין דער... טעטיקייט,,, די
גאַרבּער שטימע, מאָסקווע 1 1924, No. ,,דעמאָלט
האָט די... אַפּטייקערין גענומען די א, אויף
זיך: געגאַנגען צום קאָמענדאַנט... און
פֿאָרגעשטעלט די זאַך ווי זי איז", לייב ראַשקין,
די מענטשן פֿון גאָדלבאָזשיץ, וואַרשע 1936.
א'־פֿול — אַדי. א'־פּ'ער טוער.
איניציי אירן — טרוו. ־ציאיר, האָט איניציי
אירט. 1. שטויסן אָנצוהייבן אָדער אָנהייבן
אַ טואונג, אַן אַקציע. בכלל מאַכן אַן אָנהייב.
אַרויסווײַזן איניציאַטיוו. א אַ נײַע טעטיקייט.
,
א, אַ נײַע אָרגאַניזאַציע. "ס'איז איבעריק צו
זאָגן וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע פֿאָלקסזאַך איר
האַט מיט אײַער אַרבעט איניציאירט" פֿגעז,
,
ווילנע 2 1923, No־3. "די אויספֿאָרשונג וואָס
אײַער אינסטיטוט האָט איניציאירט", מוו, ייִבל
XXXI, ז, 253. "דײַטשלאַנד האָט שוין
איניציאירט צוויי וועלט־מלחמות", דאָס פֿרײַע וואָרט,

.No ,19(2 78 א״

2 פֿאָרלייגן. א, די אָפּשטימונג. .3

אַרײַן.

פֿירן, אַרײַננעמען אַ נײַעם מיטגליד אין אַן

אָרגאַניזאַציע לויט אַן אײַנגעשטעלטן

צערעמאָניאַל. א, עמעצן אין מאַסאָנען־אָרדן פֿאַר דעם

בּ איז דער טוער — —אירער.

־אירונג. ־אַציע.

איניציאַ'ל — דער, ־ן. [געניצט ס'רובֿ אין מצ.]

1. ערשטער אות ון אַ נאָמען. נאָך א'ן קומען

פֿינטלעך. די א'ן ש. ד. — שמעון דובנאָוו. ח.

זש. — חיים זשיטלאָווסקי. .2 ראָשי־תיבֿותן

פֿון אַ לענגערן נאָמען פֿון אַן אינסטיטוציע,

אָרגאַניזאַציע אע. צישאָ — צענטראַלע ייִדישע

שול־אָרגאַניזאַצע.[ווען דער נאָמען איז בּאַקאַנט,

זײַנען ציטיר־צייכנס איבּעריק.] .3

אויסגעצירטער, אויסגעפּוצטער ערשטער אות (אויך

סתּם גרעסערער) פֿון אַ קאַפּיטל, אַ פּאַראַגראַף

אע. ״געכּראַכט צו פֿאַרריכטן אַן א, אין אַן

אַלטערטימלעכן בּוך,,, איבּז גוסטאַוו מעירינק,

דער גולס, ווילנע .1925 ־יק — אַדי. א'ע

פֿאַרקירצונגען.

אין יצר־הרע שולט — [איין יִיִצער־האָרע שוילעט] זאַץ. תּח. <סוטה, ח/א; סנהדרין, מה/א. דער יצר־הרע האָט נאָר אַ שליטה [צווייטע העלפֿט: אלא בּמה שעיניו רואות (עלאָ בּאַמע שעאיינאָוו רויאויס) — אויף דעם וואָס די אויגן זעען], ד"ה דער יצר־הרע רופֿט אַרויס אַ בּאַגער נאָר צו דעם וואָס מע זעט. "וואָלטן די אויגן ניט געזען, וואָלט דאָס האַרץ ניט געגלוסט", שוו.

איניק — אַדי. <אין. וואָס איז טיף אין האַרצן, האַרציק, אינטים. אויפֿריכטיק. „מיט די א'סטע געפֿילן„, נש (□ון זײַן קאָרעספּאָנדענץ). "נעבּלען דורך די בּילדער בּאַנג אין מײַן א'סטן געזאַנג„, אַל I□, 'אויפֿן אַש'. "נאָך ניטאָ בּײַ אונדז קיין קולטורעלע, קיין א'ע בּאַציאונג צו ליטעראַטור", ימ, נײַס, 1923. „ כּלזמן אָט די גײַסטיקע כּוחות צעשטערן ניט

זייעאין בּלל בּלי יוצא

רע א'סטע אינסטינקטן„, ייִבּל 79 ,XXIII. „דאָ קומען מיר נישט נאָך געֿרעטעניש פֿון דערפֿאָלגן! דאָ מיינען מיר עס אויפֿריכטיק און א'„, בּראָד פֿאָרשטעלונגען, לאָדזש 1937 ־יקייט.

־לעך — אַרכּ ״גאַר איניקליכן ער גוט יתבּרך
בּאט דען הערן זײַן מיט ואשׂטן אונ, מיט
וויינן„, שמואל־בּוך, סטראָפּע 1297.
אין כּאלוהינו — [איין קעעלויהיינו] זאַץ
<לויט שמות ח, 6. 'ניטאָ (נאָך איינער)
ווי אונדזער גאָט'. די ערשטע ווערטער פֿון
לויבּגעזאַנג וואָס מע זאָגט שבּת און יום־טובֿ
נאָך מוסף. [אין אַ טייל שולן אין אַמעריקע
איז אַ מנהג אַז דער חזן זינגט מיטן גאַנצן
עולם א, כּ'. רשי אין זײַן סידור איז מסבּיר:
היות ווי שבּת און יום־טובֿ איז פֿאַראַן אין
שמונה־עשׂרה בּלויז זיבּן בּרכרת אַנשטאָט די
נײַנצן איז מען משלים.] א, כּ, שטאַמט פֿון
דער צײַט פֿון די גאונים אין בּבֿל.
אין כּבֿוד אלא תּורה — [... קאָוועד עלאָ
טוירע] תּח. <אָות, ו, ג. כּבֿוד איז נאָר
די תּורה (דורך, מיט דער הילף, אין זכות
פֿון דער תּורה). ״כּבֿוד קומט נאָר
תּלמידיחכמים וואָס היטן די תּורה ווי דער תּנא זאָגט:
א, כּ, א, תּ'„, שמו פלאי, טר האמת והשלוס,
לעמבּערג 1893. „א, כּ'... אונדזער כּבֿוד איז
צו שטיין אונטערן דגל־התּורה“, נ. ח. עהרמאַן,

דער בּעל־שם פֿון מיכלשטאַדט, וואַרשע תּרפ"ה.

אין כּוהו אלא בּסיו — [... קויכוי עלאָ בּייפּיוו] זאַץ. תּח. >בּמדבּר רבּה, כ, ד; רשי, בּמדבּר, כב, 4. געוויינלעך געניצט:... אלא בּפּה. 'זײַן כּוח איז נאָר מיטן מויל'. געניצט מיטן בּ: ער איז אַ בּאַרימער, אַ מוילהעלד, אַ שרײַער. „זײַנע הבֿטחות זײַנען ניט ווערט אַ דרײַער, פֿאַרלאָז זיך ניט אויף אים, ווײַל א, כּ, א, בּ"'.

אין־כּל — [. □. קאָל] סובּ. מצ נבּ. תּח. > בּמדבּר, יא, 6. 'ניטאָ קיין זאַך', תּי. געניצט מיטן בּ□ גרויסער אָרעמאַן, דער וואָס פֿאַרמאָגט גאָרניט. געבּן אַ היפּשע נדבֿה (מתּנה) דעם א'־כּ'. "געווען איז ער אַמאָל אַ ייִד אַ בּעל־הבּית. איצט איז ער, לא־עלינו, אַן א'־כּ'.

אין כּל הדש תהת השמש — [... קאָל כאָדאָש טאַכאַס האַשעמעש] □אַץ. תּח. >קהלת, א, 9. „ניטאָ קיין [שום] נײַס אונטער דער זון", תּי. „... אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ פּסוק: א, כּ, ח, תּ, ה'... און אויף דעם פּסוק שטעלן זיך אַלע צוריקציִער... צוריקשלעפּער„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. "אַ זקן מיט אַ קלוג איידל פּנים וואו פֿון יעדן קנייטש האָט

אַרויסגעשמייכלט א, כּ'...,,, אָפּאַ, אַליין. "דער א, כּ'... איז אויך קיין נײַס ניט,,, יג, איק, □ □ 23 19 IX.

אין כּלל בּלי יוצא (מן הכּלל) —[... קלאַל ... יויצע (מין האַקלאַ'ל)] זאַץ. צבֿ. <לויט יבֿמות, ז/א. דאָרטן: דבֿר שהיה בּכלל ויצא מן הכּלל. ניטאָ קיין כּלל אָן אַן אויסנאַם. געניצט מיטן בּ: ס'זײַנען דאָ זאַכן, געשעענישן אויף וועמען די אַלגעמיינע נאָרמע איז ניט חל. ,,א, כּ, בּ, י, פֿאַראַן אַמאָל אַ מענטש, וואָס ---..

אין בּמוך

כּאָטש ער איז אַלט אין יאָרן האָט ער אַ יונגן שׂכל,,, יע, וואונדער־אוצר פֿון דער איד, שפּראַך □ וואַרשע תּר"פּ.

אין בּמוך — [... קאָמויכאָ] פֿראַזע. <שמואל בּ, ז, 22; מלכים א ח, 23; תּהלים, פּו, 8; אויך: דער. 'ניטאָ דײַן גלײַכן, (גאָט). 1. אָנהייבּ פֿון לויבּגעזאַנג בּײַם אויסנעמען (← 293), פֿאַרן אַרויסנעמען די ספֿר־תּוֹרה פֿון אָרונקוֹדש [,אין כּמוֹך בּאלוהים אַדוני ואין כּמעשׂיך,]. 2. אָנהייבּ פֿון אַ תּפֿילה אין תּחנון,

וואָס מע וואָגט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק
['א, כּ, חנון ורחום ה, אלוהינו']. געניצט צו
באַצייכענען אַ תּקיף, אַ גרויסהאַלטער. ,,בּיסט
בּײַ זיך אַזוי גדולדיק, מיינסט טאַקע אַז א, כּ'?
מע האָט שוין געזען אַ גוי מיט אַ גוליע".
גראָבּלעך: ,,א, כּ, בּעליונים, אָבֿל יש כּ,
בּתּחתּונים,,, □וול.

-

אין בּמוהו [... קאָמויהוּ] ,ניטאָ זײַן
גלײַכן'. ,,א, כּ, — ניטאָ דער צווייטער וואָס זאָל
זײַן צו אים גלײַך אין דער ייִדישער מדינה,,,
דוד פֿלינקער, טמז, 1967 III 12.

אין כּסף — [... קעסעף] □ראַזע אָדער זאַץ.
תּח. <שמות, כא, 11. אָן געלט. ניטאָ קיין
געלט. ,,א, כּ, איז אויס תּקיף,,, שוו. ,,טעכטערל,
בּײַ מיר איז א, כּ', דאַרף בּײַ דיר זײַן אַין
[= אוי□] קאַפּריזן,,. א, כּ, יענה את הכּל
— זאַץ. תּח. צבּ□ [<קהלת, י, 19. דאָרטן:
והכּסף יענה את הכּל — געלט בּאַווערט אַלץ,
תּי.] ,,ניטאָ קיין געלט איז דער בּעסטער
ענטפֿער (פֿאַרענטפֿערט אַלץ),,, שוו.
א, כּ, לאָדון זה [לעאָדן (לאָאָדן) זע], אָבֿל יש

כסף לאָדון אַחר. זאַץ. תּח <קידושין, ג/ב
[אַוואָ'ל יעש... אַכער] = דער האָט קיין געלט
ניט, אָבער אַן אַנדערער האָט יאָ.
אין כּעס זײַן (ווערן) — [קאַ'(ע] צגז
אוטוו. זײַן, אַרײַנקומען אין צושטאַנד פֿון
אַ געפֿיל פֿון מילדן צאָרן. זײַן אין כּ, א ו י פֿ ן
חזן און ניט ענטפֿערן (זאָגן) אָמן. א, כּ, ז, אויף
דער גאַנצער וועלט. „ביסט א, כּ'? רײַב (אײַן)
דעם תּחת אין אַ שטיין, וועט דיר דער כּעס
איבערגיין“, גראָב פֿוול. „כאָטשע דער מאַן איז
א, כּ', וועט ער גיך איבערגעבעטן ווערן„,
הנהגות הנשים, יאַס 1843. „אייביק זאָל דער
יצר־טובֿ ז, א, כּ, א ו י ף דעם יצר־הרע און
זאָל מיט אים מלחמה האַלטן„, העתקת יעבֿץ,
עין יעקבֿ, וואַרשע תּרמ“ו, ברכות, ח/ב. „וו ע ר
איך דאָך רעכט א, כּ, און הייב אים אָן
אויסצולאמרן...„, שע, טבֿיה. „פֿאַרטוליעט בייז
דײַן קעפּל ווי אַ קינד וואָס ווערט א, כּ'“, סעג,
לירישע לידער, קיִעוו l9i9. „..—־ ווען איך ווער
א, כּ, ווייסטו דאָך...„ לאַט, די יוד, קינד.
אינכעסדיק — אַדי. וואָס איז אין צושטאַנד
פֿון כּעס. א'ער שכן ־יקייט.

.

אינכּעס□ע(ר) — אַדי, סובֿ. ״לאָז זי אָפּ, זי איז איצט אַן א'ע,,. ״ווען איך זאָג הײַנט אַן א'ער צו מײַן חבֿר...,,, מוו, די שוואַרצע פּינטעלעך. ,,מיט אַן א'ן דאַרף מען בעסער ניט ריידן,,. ,,... איז זי געקומען פֿון ראַיקאָם אַ פֿאַרוויינטע און אַן א'ע, ווײַל מע האָט איר

13()3

ביטע אָפּגעזאָגט,,, מ. לעוו, פּאַרטיזאַנישע וועגן, מאָסקווע 1948.

אינכאָאַטי'וו — אַדי. <ד□.טש <ל. אָנהייבעוודיק. ״קלוגע... פֿאָרמולירט אַז די צווייטע גרופּע [ווערטער מיט ־nt□] האָט אַן א'ן באַטײַט; inehoare הייסט אויף לאַטײַן: אָנהייבן אַ טואונג און זי דערנאָך טאָן ווײַטער״, מוו, ייִפֿאַ, 1939, 14.

אין כעלעם אונטער די טרעפּ — פֿוול. שפּאַסיקער ענטפֿער אויפֿן כסדרדיקן פֿרעגן: וואו? וואו געפֿינט מען עס? וואו זאָל איך עס זוכן?

אינלאָ — דער & די, ־ס. אַמ. □יin־1a:□<. קרובֿ דורך חתונה (שווער, שוויגער, שוואָגער,

שוועגערין). מײַנע א'ס — א) ווײַבס (מאַנס) משפּחה; ב) שווער און שוויגער.

אין לאיש גואל — [איין לעאיש גויעל] זאַץ. תּח. <במדבר, ה, 8. 'דער מאַן האָט ניט קיין קרובֿ', תּי. געניצט אויך מיטן ב: קיינער נעמט זיך ניט אָן, שטעלט זיך ניט אײַן פֿאַר אים. „מע דאַרף אים מקרבֿ זײַן, אַן עלנטער ייִד נעבעך, א, ל, ג',„. געניצט אויך ווי אַ טענה, ווי אַן אָפּפֿרעג; „סטײַטש, א, ל, ג'?„.

אין לאָמפּ — מיטן ווערב ג י ס ן. (גוטמוטיק און אומאיידל) טרינקען איבער דער מאָס; שיכּורן. „.... א, ל, — ער איז מלא„, צ. דאָלגאָפּאָלסקי, זײַד, מינסק 1933.

אין לאַנגן באַנק — ← אין דער לאַנגער באַנק. "האָט ער געטראַכט דאָס צו לאָזן א, ל, ב, און מיט דער צײַט וועט זי שוין צום שׂכל קומען„, א. י. סאַפּיר אויס מינסק, חטאת הקהל... II, ווילנע 1881.

אינלאַנד — דאָס. מצ נב. גאַנצער שטח וואָס איז אין די גרענעצן פֿון היימלאַנד. היפּוך פֿון אויסלאַנד, ← 264. נײַס פֿון א'. „אונדזער הויפּטצוועק איז צו היטן דעם פֿרידן אין א, ווי אין אויסלאַנד", ייִפֿאָל, 21 1882 I.

אין לאָקאָ— ל. 1. (יוריספּרודענץ) אַנשטאָט,

אויפֿן אָרט פֿון, במקום. .א, ל, פּאַרענטיס, —
במקום איינעם ‏פֿון די עלטערן (וועגן אַן
אָפּעקון). 2. אויפֿן (זעלביקן) פּלאַץ [פֿאָרמל אין
טייל לענדער פֿאַר בריוו אַדרעסירט אין דער
שטאָט פֿונעם אָפּשיקער].
אין לא ראינו ראַיה — [איין לוי ראָאינו
ראַיע] זאַץ תּח <זבחים, קג/ב. '(דאָס זאָגן)
,,מיר האָבן ניט געזען,, — איז ניט קיין ראַיה'.
'ניט געזען, איז ניט קיין באַוויַיז.
אין לדבֿר סוף — [... לאַדאָווער סאָף] זאַץ.
תּח. <פּסחים, ט/א. אויך מיט דעם אָנהייב:
ואם בן א, ל, ס'. 'די זאַך האָט ניט קיין
סוף'. געניצט מיטן ב: ס'איז אַ מעשׂה אָן אַן
עק. [ביַי בדיקת־חמץ דאַרף מען ניט
איבערקלערן טאָמער האָט אַ ווי‏ל אַוועקגעשלעפּט חמץ
פֿון איין שטוב (וואו מע האָט נאָך ניט בודק
געווען) אין אַן אַנדער שטוב, וואו מע האָט שוין
יאָ בודק געווען. וויַיל אַניט — דאַרף מען דאָך
איבערקלערן, טאָמער האָט זי פֿאַרשלעפּט פֿון
איין הויף אין אַן אַנדערן. אויב אַזוי איז —

אין לופֿטן

א, ל, ס'.] ,,ואם כן א, ל, ס, — קענען מיר דאָך

אַזוי אַוועקפֿײַפֿן מיט די נאָז היפֿשע עטלעכע שעה,,, דלוגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע 1881. ,,אַז מיר וועלן אָנהייכן פֿרעגן קשיות איז... א, ל, ס'‘‘, שע, ט יה. ‘‘... גרין טענהט ... אַז זשאַרגאָן וועט דערנענטערן ס'קינד צום פֿאָטער. אויב אַזוי, איז א, ל, ס,! וועט שפּאַניאָליש דערנענטערן דאָס ספֿרדישע קינד מיט זײַנע עלטערן, ענגליש — דאָס ענגלישע קינד אַזוו‘‘, אָפּאַ, היברו.

אין להגיד — [... לייהאַגי] פֿראַזע צב. ניט אויסצודערציילן; ניט צו באַשרײַבן. ,,ער האָט געבראַכט אַזוי פֿיל גאָלד און זילבער, אַז עס איז א, ל,‘‘, פֿמ [בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923].

אין לו דמים — [... לוי דאָמים] זאַץ. תּח <שמות כב, 1. 'איז ניטאָ פֿאַר אים קיין בלוט־שולד,, תּי. געניצט מיט בב: 1. ער האָט ניט קיין געלט [ווײַל 'דמים־תּרתי משמע'=דמים באַטײַט צוויי זאַכן: בלוט, געלט.] ,,אַן אביון אין זיבן פּאָלעס, א, ל, ד'‘‘. 2. ער האָט פֿאַרלוירן די בושה, שעמט זיך מער ניט. ,,לאָז אים געמאַך, ס'וועט ניט העלפֿן דײַן מוסרן, א ל, ד',,.

אין לו הלק ונהלה — [... כיילעק ווענאַכלע] זאַץ. תּח. <ד רים, יב, 12. 'ער האָט ניט קיין

חלק און קיין נחלה', תּי. געניצט מיטן בּ: ער
האָט ניט קיין רעכט צו פֿרעטענדירן אויף אַ
טייל (פֿון אַ ירושה, אַ שותּפֿיש געשעפֿט אע).
„ער איז אויס שותּף און א, ל, ח, ונ, אין
געשעפֿט„.

אין לו הלק לעולם־הבּא — [... לייאוילאָם
האַבּ'אָ (האַ'בּע)] זאַץ. תּח. <אָבֿות, ג, יד. 'ער
האָט ניט (האָט אָנגעוואָרן) יענע וועלט, [דאָרטן:
ווער עס פֿאַרשוועכט הייליקייטן, ווער ס'איז
מבֿזה חול־המועד, ווער ס׳איז מבֿייש זײַן חבֿר
בּפֿרהסיא, ווער עס פֿאַרלעצט דעם בּונד פֿון
אַבֿרהם אָבֿינו און ווער עס טײַטשט אויס די
תּורה ניט לויט דער הלכה... <סנהדרין,
צ/א: ווער עס זאָגט אַז תּחית המתים איז ניט
מן התּורה, אָדער די תּורה איז ניט מן השמים].
וועגן אַ צאָל מענטשן: א, להם ה, ל'־ה'.

אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות —
[... לאַדאַיען עלאָ מאַ שעאיינאָוו רויאויס] זאַץ
תּח. <בּ״א בּתרא, קלא/א; סנהדרין, ו/ב׳
'פֿאַרן דיין איז נאָר דאָס וואָס זײַנע אויגן זעען'.
געניצט מיטן בּ: ניט קיין בּר־סמכא, קיין
אויטאָריטעט, און ניט קיין פּרעצעדענט דאַרף
(דאַרפֿן) בּאַשטימען, נאָר די פֿאַקטן וואָס דער
ריכטער (דיין) האָט פֿאַר זיך. „איך האַלט מיר

בײַם כלל, אַז א, ל, ל'... דער וואָס משפּט
וועגן עפּעס דאַרף טראַכטן נאָר וועגן דעם וואָס
ער האָט פֿאַר זיך,,, י. עמ אָט, צוק, מײַ־יוני
□

19. □ □
אין לו מוה בקדקדו — [... מויאַך
בייקאָדקאָדוי] זאַץ. תּח. <יבֿמות, ט/א. 'ער האָט
ניט קיין מאַרך אין זײַן שאַרבן'. ענלעך צו:
עס פּוסטעוועט בײַ אים אין בוידעמשטיבל.
אין לופֿטן — אַדוו. 1. דזוו אין דער לופּט
אַ כאַפּט פֿרימאָרגן שיינעם איין אין,,. □
שפּאַרבער אַוועק אירס אַ קינד און הייבט זיך

אין לוקה ומשלם

דערמיט אויף הויך א, ל',,, ממוס, קליאַטשע.
2. דזוו אינדערלופֿטן ←. ,,שטיל, דאָס שפּילט
דער טאַטע, און די קלאַנגען אויסגראַווירט א,
ל"', םוצ, סיביר.
אין לוקה ומשלם — [איין לויקע
אומעשאַלעם] זאַץ. תּח. >בבֿא מציעא, צא/א. מע,
באַשטראָפֿט ניט (גלײַכצײַטיק) אי מיט מלקות

(שמיץ) אי מיט געלט'. אַלגעמיינער פּרינציפּ
אַז מע באַשטראָפֿט ניט פֿאַר דער זעלביקער
עבֿירה, פֿאַרברעך מיט צוויי שטראָפֿן. ענלעך
צו: „מיט צוויי ריטער שמײַסט מען ניט“.
אין לו — שאני — [... שײַנע] זאַץ. תּח.
<פסחים קב/ב. 'אַז ער האָט ניט — איז
עפּעס אַנדערש', ד"ה אַז ס'איז ניטאָ (מע האָט
ניט) צו באַצאָלן, איז דאָך ניט שייך (בעטן,
מאָנען, סטראַשען אע). ← בדליכּא שאני.
אין לו תּקנה אלא בסכּין — [... טאַקאָנע
עלאָ בייסאַקין] זאַץ. תּח. <לויט בבֿא קמא,
מה/ב. [דאָרטן: "אין לו שמירה אלא סכּין„
— די איינציקע גוטע שמירה פֿאַרהיטונג (פֿאַר
,
אַ שור־המועד ער זאָל ניט טאָן קיין שאָדן,
איז דאָס מעסער, ד"ה מע דאַרף אים שעכטן).]
געניצט מיטן ב: ס'וועט אים גאָרניט העלפֿן, מע
מוז אָננעמען דראַסטישע מיטלען. אויך
שפּאַסיק: "אַ חזן א, ל, ת, א, בּ, — נאָר אַז ער
האַלט אויך דאָס שחיטה־מעסער אין האַנט...
▯
דעמאָלט מוז שוין דער חזן זײַן אַ ירא־שמים“,
א ▯ יעזר בורשטין, אַמעריקאַנער, 1958 ▯ 13.
אין לי — [איין...] פּראַזע. תּח. <קהלת, יב,

1. 1. 'איך האָב ניט', איך פֿאַרמאָג ניט. "א, ל, — גיי שרײַ חי וקיים"; "א, ל, און רוף מיך קנאַקניסל", ⃞ וול. „א, ל, איז פּטור"; „א, ל, א איז אַ גוטע (די בעסטע) טענה"; „א, ל, איז דער בעסטער תּירוץ", שוו. "... פֿריִער באָרגן, לײַען, צום צאָלן — א, ל, שרײַען„, ש. מ. אָסטראָווסקי, דער מאַטקעראַדין באַל, וואַרשע 1884. "טענת א, ל'" [וועגן אַן אָנזעצער וואָס וויל ניט צאָלן א די חובֿות, טענהנדיק ער איז פֿאַראָרעמט געוואָרן], תּקק.

2. געניצט פּטמ ווי בכלל אַ שאַרף, אַ קאַטעגאָריש ניין־זאָגן. „א, ל, איז געוואָרן די קאַטעגאָרישסטע נעגאַציע", נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 3.

אין לײַב — מיט די ווערבן: ז ײַ ן , קריגן, געווינען אע ⃞ עט אויפֿן לײַב. דיק. „זיי זײַנען

.

אַליין אויך, ניט צו פֿאַרזינדיקן, א, ל',„ א. שעכטמאַן, ערבֿ. „די פֿעטע גענדזעלעך און ביר... האָבן אים גוט פֿאָליובעט און ער האָט גענומען געווינען א, ל,„„ בּ. גאָרין, דיא מזיקים..., נ„י 1900.

אין לך — [איי'נלכאָ] אָנהייב פֿון אַ צאָל שפּרוכן, מימרות. בבֿ: דו האָסט ניט, ס'איז ניטאָ, א עס טרעפֿט זיך ניט.

א)... אָדם בּלא יסורים — [אָדאָם
בּעלוי...] זאַץ. תּח. <בּראשית רבּה צב, א.
ניטאָ קיין מענטש אָן יסורים. איטלעכער האָט
זײַן פֿעקל צרות.   א
בּ)... אָדם שאין לו שעה — [שעאיין
... שאָאָ] זאַץ. תּח. <אָ□ות, ד, ג.   ,ניטאָ אַ
מענטש וואָס זאָל ניט האָבּן זײַן (מזלדיקע)

13()4

שעה', ד''ה וואָס כאָטש איין קורצע צײַט אין
זײַן לעבּן זאָל אים ניט צושפּילן דער מזל.
אויך: עס טרעפֿט זיך פֿאַר יעדן אַ שעת־הכּושר,
--
אַ געלעגנהייט אין לעבּן. אַזוי אויך:... דבר
שאין לו שעה, ד,,ה יעדע זאַך, יעדע
סיטואַציע קען אַמאָל צושפּילן. ,,א, ל, ד'... —
אַלץ קומט אַמאָל צו ניץ, אַפּילו ניט וויסן אויך'',
י. דניאלי, יודישעס פֿרײַלאַנד, ווין 3 1910' No.
ג)... בּן—הורין אלא מי שעוסק
בּתלמוד־תּורה — [... בּענכוירין עלאָ...
שעאויסעק בּעטאַלמוד־טוירע] זאַץ. תּח <אָבֿות,
ו, ב. 'נאָר דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט לער□
נען תּורה איז אַ פֿרײַער מענטש'. [תּורה

דערהייבט אַ מענטשן און מאַכט אים גײַסטיק פֿרײַ,
אַפֿילו ווען ער איז פֿיזיש, מאַטעריעל
פֿאַרשקלאַפֿט.]

ד)... דבר העומד בפֿני הרצון —
אין דבֿר העומד בפֿני הרצון.

ה)... דבֿר שעומד בפֿני פּיקוח־נפֿש
— [... שעאוימעד ביפֿניי פּיקואַך־נעפֿעש] זאַץ.
תּח <כּתובות, יט, א. 'ניטאָ קיין זאַך וואָס
זאָל אָפּהאַלטן פֿון ראַטעווען אַ מענטשנס
לעבן', ד"ה מע מעג צוליב דעם עובֿר זײַן אויף
אַלע פֿאַרבאָטן. [עס רעדט זיך אויך וועגן
אייגענעם לעבן. די צווייטע העלפֿט: אלא
עבֿודהזרה, גילוי־עריות ושפֿיכת־דמים.]
ין לכה־דודי אַרײַן — אַדוו פֿראַזע. דזוו
אין שבת אַרײַן. אויך: צו שפּעט, נאָך דער
שׂמחה. "ער קומט שוין נאָך אַלע היומס. ער
האָט ליב אַרײַנפֿאָרן מיט די האָלאָבליעס א,
ל"ד אַ"", אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

ין לנו — [איין לאָנו] מיר האָבן ניט. דזוו אין
לי (←) בנוגע צו אַ רבים. א, ל, פ י פּ ע —

שפּאַסיקער אויסרוף, ווען מען איז ניט בכּוח
עפּעס אויסצופירן. דזוו ניטאָ קיין כּוחות,
מיטלען, געלט אע.
ין לנו הלק ונהלה בּישׂראל — [... לאָנו
כיילעק וועַנאַכלע בּעייִסראָעל] זאַץ. תּח. <לויט
ד□רים, יח, 1: ,לא יהיה... ח, ו, עם י□ראל'.
,מיר האָבּן ניט קיין חלק און קיין אַרבּ אין
ישׂראל'. געניצט מיטן בּ: מיר האָבּן ניט (ווילן
ניט האָבּן) קיין שײַכות מיטן כּלל. בּאַצייכנט
אַ סיטואַציע ווען אָפּגעפֿרעמדטע ייִדן זאָגן זיך
אָפּ צו האָבּן צו טאָן מיט ייִדישע אינטערעסן.
,,האָבּן אַפילו דעם נאָמען 'עבֿרים, ניט געוואָלט.
זיי זײַנען ,כּנענים'... זיי ווילן זיך אָפּרײַסן
פֿון ייִדישן פֿאָלק, א, ל, ח, ו, בּ',,, עלטערן
טריבּונע, מעקסיקע, יאַנ, 1948. אויך: אין
לה... אין להם... אין לו... אין
לי... אין לכם....
ין לססר — [... לייסאַפּער] צבּ. פּראַזע. תּח.
גאָרניט איבּערצודערציילן (אויסצורעכענען). ,,א,
ל, די וואונדערלעכע זאַכן וואָס מע זעט אויף
דער אויסשטעלונג“. ,,אין ספּר זײַנען פֿאַראַן
חידושים א, ל',,.
ין לעבּן אַרײַן — אַדוו פּראַזע.   אַזוי ווי
עס וואָלט גיין אין לעבּן. ,,ס'איז מיר א, ל, אַ,

וויכטיק זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט אים״. "אַמאָל
איז ער א, ל, אַ, נייטיק", ממוס, שירה.

אין לשער
אין לעבֿער אַרײַן — אַדוו פֿראַזע. מיט
ווערבֿן: ט אָ ן , אָ פּ ט אָ ן , אָ ר ײַ נ ק ר י כ ן
אע. מיט בּייזקייט, אויף צו־להכעיס,
אַרײַנצובּרענגען אין כּעס. צו פֿאַרשאַפֿן □אַרדראָס,
□

ווייטיק. ,,איין שוועגערין טוט אָפּ דער צווייטער
א, ל אַ',,..
,
אינלעט — די, ־ן. מג. □inle:□ □. [□<.].
שטאַרקע לײַוונט, געניצט פֿאַר אײַנשיט (←).
אינלענדיש — אַדי. וואָס איז פֿון, האָט אַ
שײַכות צו דעם אייגענעם לאַנד (וואו מע לעבט).
היפּוך: אויסלענדיש. א'ע פּראָדוקטן. א'ע
אינסטיטוציעס. ,,דיא בעשׂטי פּירות זוא וואול פֿון
אויז לענדישע... אַלישׂ דיא בעשׂטי אין
לענדישע פֿירות", גה, ז, 297. ,,איטלעכס מאָל ווי
ס'קומט מיר אויס צו לייענען... אין אַן א'ן
בלאַט־צײַטונג", ייִפֿאַ 1938, 1. א'ע ה ל וו אָ ה

— וואָס די מלוכה מאַכט כּײַ די אייגענע בּירגערס. א'ער ה אַ נ ד ל.

אינלענדער — דער, מצ ווי אצ. וונ ־ין, ־קע, ־ס. אײַנוואוינער פֿון דעם לאַנד גופֿא. היפּוך פֿון אויסלענדער. די (אום)צופֿרידענע א'ין.

אין(□)לשער — [איין לײשאַער]. 1. פֿראַזע און אַדוו. >פֿון דער תּפֿילה □אין קצבֿה לשנותיך', מוסף ראָש־השנה, יום־כּיפּור. (דאָרטן: 'אין לשער מרכּבות כּבודך'). ניט אָפּצושאַצן, ניט פֿאָרצושטעלן זיך. סופּערלאַטיווער אויסדרוק מיט בבֿ: אין אַ זייער גרויסער מאָס, וואָס איז אָן אַ שיעור. אומגעהײַער; וואָס שטײַגט איבער יעדע פֿאָרשטעלונג. קומט געוויינלעך פֿ אַ ר אַן אַדי און נ אָ ך אַ סובֿ. א, ל, גוט, קלוג, רײַך; א, ל, קליין, שלעכט. עשירות, שיינקייט, גוטסקייט א, ל'; רשעות, מיאוסקייט א, ל'. אַ מזג־טובֿ א, ל'. [ס'רובֿ קומט א, ל, בײַם כאַראַקטעריזידן עפּעס וואָס איז גוט, גרויס אע.] באַשטאַנדטייל פֿון אַ פּרעדיקאַט: „דאָס בענקען צו דער נשמה יתירה איז בײַ אונדז געוועז א, ל'„ פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „ס'איז בײַ מיר אַזאַ היזק וואָס איז גאָר א, ל'“, שע, 'דער ייִנגסטער פֿון די מלכים'. “זײַן פּנים שטראַלט מיט אַ הימלישער פֿריידיקייט וואָס

איז א, ל',,, אַש, תּהילים־ייִד. ‘‘די
עקספּלואַטאַציע פֿון דער א, ל, וואָלוועלער ייִדישער
אַרבּעט,,, זשוט I , נ‘‘י 1917. ,,מײַן קיניגרײַך איז
א, ל', מײַן כּישוף־מאַכט — אומענדלעך‘‘, הר,
פֿאַרנאַכט. ,,מײַנע יסורים זענען געווען א, ל,
(ניט אָפּצושאַצן)‘‘, בּאַש פֿאָר, 1958 I י 28. ‘‘די

,

יווישע פּאָעזיע האָט... אַ שפּאַן געטאָן
ווײַטווײַט, אַ קלעטער געטאָן הויך־הויך א, ל‘‘, לע,
טמז, 26 1965 X. ־דיק — אַדי. א'ע שׂמחה,
עשירות.

2. ערשטע העלפֿט פֿון עטלעכע לענגערע
פֿראַזעס: א) א, ל, ואין להגיד [וועאיי'ן
לייהאַגיד] — צבֿ.... און ניט
איבערצודערציילן (אַרויסזאָגן). ,,,... געווען אַ שאָנקייט
א,
ל, וא, ל',,.

בֿ)... ואין להעריך [... לאַהאַאַריך] —
צבֿ <לויט תּהלים מ, 6; ויקרא כז, 14; ערכין,
ב/א. '... און ניט אָפּצושאַצן'. ,,כ'זאָל אײַך
דערציילן וואָס פֿאַר אַ כּלי שלימה דאָס איז,

אין מאָס

א, ל, ו, ל',,, ק▯, 36 1867, No. ,,תּענוגי עוֹלם
הבּא אין גן־עדן... א, ל, ו, ל',,, סשי II.
ג)... ואין לספּר [... לייסאַפּער] — '...
און ניט איבּערצודערציילן'. ,,אַ בּעל־צדקה איז
ער געווען א, ל, ו, ל',,, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'.
,,דאָ איז פֿאַראַן סאַליעס א, ל, ו, ל'“, פּרץ,
'צווישן צוויי בּערג'.
אין מאָס — אַדוו. פּונקט וויפֿל מע דאַרף,
וויפֿל עס איז נייטיק (ניט מער און ניט
ווייניקער). מאַכן אַ גאַרניטער א, מ., ,,אַז מען עסט
ניט א, מ', מוז מען קראַנק ווערן,,.. ,,האָט זיך
געהאָדעוועט אויף בּרויט מיט וואַסער א, מ,
אָדער ווייניקער“, ווינטש, דאָם נײַע לעבּען, נ“י
יולי 1910.
אין מבַטלין תינ▯קות של בּית דבּן —
[איין מעוואַטלין טינויקעס שעל בּייס ראַבּאָן]
זאָץ תּח. < שבּת, קיט/ב. 'מען איז ניט
מבַטל (מען איז ניט מפֿסיק, מע שטעלט ניט
אָפּ, מע רײַסט ניט איבּער) קינדער וואָס
לערנען (תּורה), [צווייטע העלפֿט: 'אַפֿילו לבנין
בּיתהמקדש אַפֿילו צו בּויען דעם בּית־המקדש]
— ,
ד,,ה לערנען תּורה איז בּילכער.

--

אין מביאין ראַיה מן השוטים ־— [...
מעוויאין ראַיע מין האַשויטים] זאַץ. תּח. <שבת,
קד/ב; חולין מט/ב. ,מע ברענגט ניט קיין
ראַיה (באַוויַיז) פֿון שוטים (נאַראָנים), פֿון
—
.
דעם — „אַ ראַיה פֿון אַ נאַר איז אַ חרפּה און
אַ צער“, שוו. „א, מ, ר, מ, ה, — געניצט [אויך]
אין דעם זינען, אַז מע דאַרף זיך ניט צוהערן
צו די רייד פֿון אַ נאַר“, ייִשפּ XXIII.
אין מגלין אלא לצנועין — [... מעגאַלין
עלאָ ליצנואין] זאַץ. תּח. <לויט קידושין,
עא/א: 'אין מוסרין אלא למי שהוא צנוע'.
מען אַנטפּלעקט (עס) נאָר צו אײַנגעהאַלטענע,
אָנפֿאַרטרוילעכע. געניצט מיטן ב אַזוינע
סודות זאָגט מען אויס נאָר געקליבענע,
יחידיסגולה. “א, מ, א, ל, — פֿאַר אַלעמען טאָר
מען ניט... אויסדערציילן, נאָר פֿאַר אַזעלכע
וואָס מע קען זיך פֿאַרלאָזן אויף זיי“, י.
טשערניאַק, ייִשפּ XX, 3. “דער אַטאָם־פּראָבלעם
געהערט צו דער קאַטעגאָריע פֿון ענינים, וועלכע
מען איז מגלה רק לצנועים“, טמז, 18 1966 III.

אין מהרהרין אַהרי מעשׂה בּית־דין —

[... מעהאַרהאַרן אַכריי מײַסיי בּעזדן] זאַץ. תּח.

<לויט בּבֿא־מציעא, יז/א. ← אין אַחר מעשׂה בּית־דין כּלום. מע טראַכט ניט נאָך (מע גריבּלט זיך ניט אין) נאָך דעם אורטייל (פּסק־דין) פֿון געריכט (בּית־דין), ד"ה: מע פֿרעגט ניט אָפּ, מע בּאַשטרײַט ניט דעם פּסק פֿון בּית־ד□ן. "און בּאָטש א, מ אַ'... דאָך לויט אונדזער בּאַ,

שיידענער מיינונג, איז דאָס (פֿרעמירטע) אַ שוואַך בּוך" פֿאַש 1 1966 I.

-

,

אין מויל אַרײַן — אַדוו פֿראַזע. 1. מיט ווערבּן: נ ע מ ע ן , ג ע בּ ן — צום עסן, צו טרינקען. ,,נעמט עפּעס א, מ, אַ', איר האָט דאָך ניט געגעסן אַ גאַנצן טאָג,,. *(צעקײַען און (אַרײַנ)לייגן א, מ, אַ, = גוט און קלאָר אויסטײַטשן; מסבּיר זײַן. ,,אַז סע קומט שׂמחתתּורה און שבּת בּראשית... גיבּן די

13()5שול

און חבֿרה־גבּאָים דעם עולם און חבֿרה־לײַט א,

מ אַ',,, י. ווײַערניקאָווסקי, שלש־סעודות צײַט,

'

באַרדיטשעוו 1899. ,,אַז גאָט וויל שטראָפֿן אַן עם־האָרץ, גיט ער אים אַ לשון־קודש וואָרט א, מ אַ',,, שוו. אויך אין אַזאַ נוסח: ,,אַז גאָט וויל

'

שטראָפֿן אַ לשון־קודש וואָרט, גיט ער דאָס אַן עם־האָרץ א, מ, אַ"". ,,געבראָטענע טײַבעלעך פֿליִען (קומען) ניט א, מ אַ"", שוו. 2. מיטן

'

ווערב: ק ו ק ן — באַוואונדערן; נתפּעל ווערן; גלייבן איטלעך וואָרט. ,,זיי האָבן געשלונגען זײַנע ווערטער, געקוקט אים א, מ, אַ',.. ,,די חסידים וואָס פֿאָרן מיט מיטן רבין ווייסן ניט וואָס דאָ טוט זיך; שטייען זיי אַרום דעם רבין און קוקן אים א, מ, אַ',,, א. בערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926.
אין מוקדם ומאוחר בתורה — [איין מוקדאָם אומאוכאָר באַטויראָ] זאַץ. תּח. <פּסחים, ו/ב. ניטאָ קיין פֿריִער און שפּעטער אין דער תּורה. [די תּורה היט ניט אָפּ, איז ניט מקפּיד אויפֿן כראָנאָלאָגישן סדר פֿון די פּרשיות; איינע פֿון די צוויי און דרײַסיק מידות, וואָס לויט זיי האָט ר, אליעזר בר, יוסי הגלילי געדרשנט די

תּורה.] „א, מ, ו, בֿ, — ניטאָ אין דער תּורה פֿון אמת אַזאַ זאַך ווי 'פֿאַרשפּעטיקט'. יאָרהונדערטער טאָרן ניט שפּילן די מינדסטע ראָלע בעת מע דאַרף אויסגלײַכן אַ מוראדיקע עוולה“, איך, 22 1966 I. [אין טייל ערטער פֿלעגט מען זיך נוהג זײַן: פֿאַרן אויפֿרופֿן צו עליות אָדער שׂמחת־תּורה בײַ די הקפֿות האָט מען אויסגערופֿן: א, מ, ו, בֿ, כּדי די גערופֿענע זאָלן זיך פֿילן גלײַך אין חשיבֿות] מע לאָזט דורך דאָס לעצטע וואָרט בתּורה און מע ווענדט אָן דעם זעלביקן פּרינציפּ אַז עס איז ניט וויכטיק צי דער ענין קומט פֿריִער אָדער שפּעטער. „מיר טרייסטן זיך מיטן כּלל א, מ, ו, בײַם קלײַבן די אוצרות פֿון אונדזער מאַמע־לשון,„ ח. שעמקין, ייִשפּ XX, 3. „בײַ מיר אין ווינקעלע [פּרצעס אַ שטענדיקער אָפּטייל אין אַ צײַטונג] האָט דער קאַלענדאַר קיין דעה ניט. א, מ, ו, — ניט פֿאַראַן פֿריִער און שפּעטער„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „אין ,היימיש, איז א, מ, ו, — ניטאָ קיין מזרח־וואַנט און הינטערשטע בענק„, דר, ל. וואולמאַן, היימיש, שבֿט אָדר תּשכ„א.

-

אין מזכּירין מעשׂי־נסים — [איין מאַזקירן מײַסיי־ניסים] זאַץ תּח. <ברכות, ס/א; יבמות,

קכא/ב. ,מע דערמאָנט ניט, מע רעכנט זיך ניט מיט, מע פֿאַררופֿט זיך ניט אויף נסים, (ווי אַ בּאַווײַז, אַ ראַיה אין הלכה־ענינים). ,,גיי ניט אין געוועט! איי וואָס דו האָסט אַמאָל געוואונען? א, מ, מ, נ',,.

אין מזל לישׂראל — [... מאַזל לעיִסראָעל]
זאַץ. תּח. <שבּת, קנו/א. ערשטיקער בּ: ניט דער גאַנג פֿון אַ שטערן בּאַשטימט דעם גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק [לויט פֿאָרשטעלונגען פֿון אַנטיקער אַסטראָלאָגיע האָט יעדער פֿאָלק געהאַט זײַן שטערן, זײַן מזל.] אויך: א) אַ ייִד דאַרף ניט גלייבּן (אָדער גלייבּט ניט) אין אַסטראָלאָגיע; בּ) ישׂראל איז ניט אונטער דער שליטה פֿון מזלות; ג) דער גורל פֿון מענטשן איז ניט

אָפּאינמיטן

הענגיק פֿון דעם גאַנג פֿון די שטערן בּעת זײַן געבּוירן. געניצט מיטן בּ: אַ ייִד האָט ניט קיין מזל. פּאָפּולער ווערטל נאָך אַ דורכפֿאַל: ,,זיי האָבּן פֿאַרגעסן גאָר אַז די גמרא גופֿא זאָגט א, מ, ל', נאָר... טו, וועט גאָט העלפֿן", ייִל דאָס פּױלישע יונגעל, אַדעס 1895. ,,זיך גענומען צו אַן אַנדער געשעפֿט, אָבּער פֿאַרפֿאַלן — א, מ,

ל',,. ,,'גאָדיען'! אַרײַנגעפֿאַלן אין יוונישע הענט,
א, מ, ל,,,..

--

אין מהשבֿות האָבֿן — [אין מאַכשאָוועס...]
צגז אַקוזוו מיִ. קאַל ווב   האָבֿן אין זינען,
געדענקען.

--

אין מהשבֿותן — [אין מאַכשאָוועסן] אַדוו.
פֿאַרטראַכטערהייט; פֿאַרזונקען פֿאַרטיפֿט אין
- —
,
געדאַנקען. ,,א, מ, האָבֿ איך זיך פֿאַררעדט, און
די פֿורן וועלן דאָך בֿאַלד קומען“, א. י. סאַפֿיר
אויס מינסק, חטאת הקהל..., ווילנע 1881.
,,מיר האָבֿן זיך מיט אײַך פֿאַררעדט... און מיר
זײַנען א, מ, שוין געקומען אין שטאָט אַרײַן“,
די מע▯ה פֿון פֿיער בֿרידער, וואַרשע 1906.
אין מטריהין את הציבור יותר מדי —
[איין מאַטריכן עס האַציבור יויסער מידײַ'] זאַץ.
תּח. <תּענית, יד/ב. 'מען איז ניט מטריח,

מע באַלעסטיקט ניט צו פֿיל דעם עולם'. „עס איז זייער שווער אַרויפֿצוצווינגען אויף ייִדן נײַע תּעניתים, ווײַל א, מ, את ה, י, מ,“.

געניצט אויך: א) ווען אַ חזן מאַכט שהיות בײַם דאַווענען; ב) ווען אַ דרשן רעדט צו לאַנג. אינמיטן — אַדוו. [ציט זיך תּמיד צו אַ ווערב.]

1. בשעתן (אין דער צײַט פֿון) טאָן עפּעס. „מע דאַרף ניט רעדן א, עסן„. „.... ווי מע זאָל טאָן, ווען דער חזן האָט זיך טועה געווען א'“, חא, ב/ב. „חלומען איבערן שטיוול וואָס מע האַלט אויף די קני א, איבערנייען“, וו〉.ס, א שטעטל. “דער רבי האָט מיט די ייִנגלעך געהאַלטן א, איבערזאָגן דעם שיעור פֿון דער וואָך“, מ. ווײַסמאַן, פֿון בריסק ביז סעמיאַטיטש. „געהאַלטן א, אויסרעכענען אויפֿן אויג...“, בערג, בײַם דניעפּער II. “איך בין איצט א, טאַנצן, שפּיל נאָך, שפּיל אַ ווײַל“, מר I.

2. ניט האָבנדיק פֿאַרענדיקט. „דער שמועס איז געבליבן א'„. „די תּורה פֿירט אַדורך, נאָר מע דאַרף ניט אַראָפּגיין א'“, אין נאָמען פֿון ר, יויזל הורוויץ. „איך וועל דיר אויסבאָרגן מײַן רײַטער, בלײַב ניט שטיין א',„ מאָל, 'אין ירושלים קומען מלאָכים'. „.... זיך אָפּגעזאָגט פֿון רבנות און די דין־תּורה... איבערגעלאָזט

א,,,, חג, טמז, 2□19 □ 4.

3. דזוו אינדערמיט, אינדערמיטן. ,,אַז מע ליגט א', האָט מען אַ גאָלדענעם מחותּן (שליטן); אַז מע ליגט אין עק — האָט מען אַ שעפּל דרעק'', שוו. ''אַ לאַנגע האָרבּאַטע נאָז שטעקט א, ווי אַ קוימען אין אַן אָפּגעבּרענט הויז,,, ממוס, אין אַ שטורס־צײַט. ,,לבָנה, וואַסערן, און מיר — א',,, א שומיאטשער, אין שעהען פֿון ליבּשא□ט. ,,איך א', אויף אַן עשאַפּאָט,,, סוצ□ פֿעסטונג.

אינמיטן — פּרעפּ [ציט זיך תּמיד צו אַ סובּסטאַנטיוו] ניט אין אָנהייב, ניט בּײַם בּרעג (עק,

אין מיטן

סוף). 1. קומט פֿאַר דעם בּאַשטימטן אָדער אומבּאַשטימטן אַרטיקל. א, דער אַרבּעט, א אַן

,

אַרבּעט. א אַ שמועס. ,,דער פֿוילער זאָגט...

,

- □

איך וועל א, דער גאַס אומקומען“, מס, משלי
תקע“ד, כב, 13. “מײַן קינד, ווען דו וועסט
אויפֿקומען א, דער נאַכט“, איבֿז בן סירא,
לעמבערג 1889. „די פֿראָשעניע וועל איך אײַנגעבן
א, דער וואָך„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
“געגליכן... צו אַ קאַפּיטאַן וואָס זײַן שיף
איז אים אונטערגעגאַנגען א, דעם ים“, ממוט,
'דער חילוף'. “בינטלעך ,קולטור, צעטראָג...
א אַ רוישיקן, אויגיקן זאַל“, מאָל, אין לאַנד

,

פֿון מײַן געביין.

2. קומט דירעקט פֿאַרן סובסטאַנטיוו (אָדער
דעם אַדיעקטיוו וואָס ציט זיך צו אים), אָן אַן
אַרטיקל. אַרויסגיין פֿון שול א, ראָש־השנהדיקן
מוסף. א, יום־טובֿ זיך נעמען צו אַן אַרבעט.
פֿאַר גרויס אײַלעניש האָב איך זיך אָן אים

— „

אָנגעשטויסן א, גאַס„, ממוס, אין אַ
שטורמצײַט „א, רויש, א, האַווע“, סוצ פֿעסטונג פֿון

, . „

הימל פֿאַלן שטערן א, העלן טאָג„, מאיר
שטיקער, טמז, 1964 י 3. א, (אַ) מיטוואָך =
אויך: סתּם אַזוי, פֿלוצעם, אָן שום סיבה.

‟אַרויסגיין שפּאַצירן א, מ, שבת־צונאַכטס‟,
שע, יוטילע טאָלאָוויי. *א, ויאמר [וואַיוי'מער]=
אומגעריכטערהייט. בּרוגז ווערן א, ו'. אַנטלויפֿן
א, ו'. ,,א, ו, זיך לאָזן גיין אינעם נאָענטן
שטעטל און זוכן אַ מנין‟, מאָטע דעכטיאַר, בּויער,
מינסק 1936.
אין מיטן — [אויסגעלייגט בּאַזונדער, ווען די
פּרעפּ איז א י ן און מ י ט ן איז
פֿולבּאַטײַטיק, בּאַצייכנט טאַקע דעם מיטן] פּרעפּ ראַזע
1. געניצט ווי דער קוואַנטיטאַטיוו (אָן פֿ ו ן
נאָכן וואָרט מיטן). ‟א, (סאַמע) מ, מאַרק אַ
וואָגן מיט עופֿות,,. ‟ער האָט אַ פּליך א, מ,
קאָפּ‟. ,,וועק מיך אויף א, מ, נאַכט, ניט שפּעטער
ווי צוויי אַזייגער,,. ,,דער דלות טאַנצט א, מ,
שטובּ‟ פֿוול. ,,די דירה איז בּאַשטאַנען פֿון
,
איין גרדיסער שטובּ וואָס איז געווען א, מ,
איכּערגעצוימט מיט אַ 'פֿויערהאַנג'‟, ה.
בּערגנער, איק, פּסח תּשכ‟ג. ‟דאָרטן אין ים,
א, מ,, ווײַט אין וויגנדיקן ים...,,, סעג, קאַ
פּריזן. [צווישן אין און מיטן קען מען
אַרײַנשטעלן ס אַ מ ע , ר ע כ ט ן.]
2. מיט פּרעפּ פֿ ו ן נאָכן וואָרט מ י ט ן.
א, מ, פֿון דעם בּרויזנדיקן ים. שטיין א, מ, פֿון

דעם רעדל ייִדן און גוואַלדעווען. "עס בּרענט
... דער גרויסער ציטער־לאָמפּ א, מ, פֿון אַ
יום־טובֿדיקן... טיש,,, הר, הרודעס "[זײַן]
פּאָעטיש געמיט שטייט... א, מ, פֿון יום־טובֿ,,,
ש בּיקל, שר .בּער פֿון מ .ן דור I. [א, מ, פֿון
— שטענדיק אויסגעלייגט בּאַזונדער].
אינמיטן דערינען — אַדוו. דזוו אינמיטן,
אַדוו, אָבער אַרויסגעהויבּן אַן עס איז דאָ אַן
איבּעררײַס; אַז עס געשעט פֿלוצלינג,
אומגעריכט (און אַז מען איז אומצופֿרידן). א, ד, קומט
ער אַרײַן (ווערט ער ניט). אַרײַנפֿאַלן א, ד, ווי
אַ יוון אין סוכּה. "א, ד, קערט זיך איבּער דאָס
בּײַדל, די קליאַטשע בּלײַבּט נעבּעך ליגן אויף
אַ זײַט", ממוס, 'בּישיבה של מטה'. "א, ד',

13()6

אומגעריכט, ווערט אַ מלחמה", פֿרוג II. "האָט
פֿלוצעם... א, ד, אויף אים אַ קוק געטאָן און
אַ זאָג געגעבּן,,, נם'... מאָשבּער.
שפּאָטיש און שטאַרק אומצופֿרידן —
אינמיצקע דערינען — בּײַ אָמד, ר, שמעיה
גוטיום־טובֿ בּיטער [דער אידיאָם איז אַפּנים
אויפֿגעקומען אין ווילנע, זיך פֿאַרשפּרייט אין לד,

דערנאָך אויך אין אַנדערע רר]. „וואָס פֿאַלסטו א, ד אַרײַן אין מײַנע רייד?“, רייד (קאָוונע).

,

„וואָס עפּעס א, ד, דאָס ליד פֿונעם רבין?“, מאַנ, נאָענטע געשטאַלטן ”נאַ דיר גאָר, א, ד, נעמט אַ ייִדישע טאָכטער און צעקינדלט זיך“, י. יקיר, סאָוו, היימלאַנד, 8 1967, No.

אין מיינסטן — אַדוו. דאָס רובֿ. אין גרעסטער צאָל פֿאַלן. „מיר ייִדן טרעטן א, מ, אָפּ יענעם דעם וועג“, א. מאַמאָראָווסקי, די הגדה פֿון דער לינקער זײַט, אַדעס 1903.

אינמיסטן — אַדוו. דזוו אומיסטן, ← 595.

אוקר. ”אַז דער בע“ש איז געוואָר געוואָרן, איז ער אַליין א, געפֿאָרן„, שבֿחי בעש“ט, יאָר? „... אָבער דער וואָס האָט א, פֿאַרזוימט די צײַט“, לט2, כג/א. ”קוקט זי א, אָן, ווי זי איז אויך פֿאַרענדערט געוואָרן“, י קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930.

אין מיעוט אַהר מיעוט אלא לרבות — [איין מיאוט אַכאַר... עלאָ לייראַבוים] זאַץ. תּח. <בבא קמא, פּו/ב; מכּות, ט/ב אאַ. עס קומט ניט אַ פּרט־פֿאַל (אַ פֿאַרמינערונג) נאָך אַ פּרט־פֿאַל סײַדן אויף אויסצוברייטערן (צו פֿאַרמערן, צוצוגעבן). דאָס איז איינע פֿון די

מידות (אוֹפֿנים, מעטאָדן) ווי אַזוי מע ברענגט
אַרויס אַ הלכה אויפֿן סמך פֿון דעם לשון פֿון
דער תּורה [דוגמאָות: א) בײַם באַשטימען ווער
עס דאַרף אַנטלויפֿן אין איינער פֿון די
ערימקלט ווערט אין במדבר, לה, 23 געזאָגט 'בלא
ראות, און אין ד ים, יט, 4 'בלא לדעת, —
דרינגט פֿון דעם ר, מאיר, אַז אויך אַ בלינדער
וואָס טייט בשוגג אַ מענטשן דאַרף אַנטרונען
ווערן אין אַן עיר־מקלט; ב) אַז אויך אַ פֿרוי
איז חייבֿ מיתה פֿאַר שעלטן פֿאָטער און מוטער
לערנען די חכמים אַרויס פֿון 'איש איש',
ויקרא, כ, 9.] אָדער ווי מע פֿאַרשטייט אַ פּסוק
[דוגמא: ווען דער גרובֿ, וואוהין די ברידער
האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן יוספֿן, ווערט געזאָגט אַז
זי איז געווען ליידיק און קיין וואַסער איז
דאָרטן ניט געווען (בראשית, לז, 24) — נעמט
מען אָן, אַז שלאַנגען און עקדישן זײַנען דאָרטן
יאָ געווען. שבת, כב/א; חגיגה, ג/א; דעת זקנים
מבעלי התּוס ות]
געניצט אין פֿאַרשיידענע סיטואַציעס אָן
שײַכותן מיט פּסוקים. "מיר זײַנען אַ מיעוט, איר
זײַט אַ מיעוט, לאָמיר זיך פֿאַראייניקן און א,
מ אַ, מ, א, ל, — ווען מיר אפֿשר ווערן אַ
,

רובֿ״. אויך שפּאַסיק: ״ער וויל אַ באַנקעט, אַן אַרטיקל מיט שבֿחים אין דער צײַטונג, א, מ אַ,
,
מ, א, ל, — ער קען זיך גאָרניט אָנזעטיקן מיט כ□וד״.

אין מיתה בלא הטא — [... מיסע בעלו'י כעט] זאַץ. תּח. <שבּת, נה/א. 'ניטאָ קיין

אין ממניס פּדנס...

טויט אָן זינד', ד,,ה יעדערער שטאַרבט פֿאַר זײַנע אייגענע חטאָים. [באַזירט אויפֿן פּסוק: הנפֿש החוטאת היא תמות,,, יחזקאל, יח, 4.] ,,די גאַנצע וועלט, איידער זיי שטאַרבן מוזן זיי זען דאָס פּנים פֿון אָדם הראשון, צו ווײַזן עדות אַז זייער טויט איז פֿאַר זייערע חטאָים, ניט בחטא אָדם הראשון, אַזוי ווי מיר האָבן געלערנט א, מ, בּ, ח'״, נוצ, זשיטאָמיר תרכ״ג.

אין מיתה למהצה — [... ליימעכצע (ליימאַכצע)] זאַץ. תח <מכּות, ה/א. 'עס איז ניטאָ (ס'איז ניט שייך) קיין טויט אויף דער העל□ט..
מע קען ניט אויסטיילן טויטשטראָף העלפֿט אויף העלפֿט; טויט צעטיילט זיך ניט ראַטעסווײַז. געניצט אַרויסצוהייבן אַז טויט

פַֿארענדיקט אַלץ און עס זײַנען ניטאָ קיין חכמות
קעגן מלאך־המות. □-- איך בין כמעט ווי
געשטאָרבן! — שאַ, א, מ, ל"'.
אין מלאך (אהד) ע□ שׂה שתי
שליהות — [... מאַלעך (עכאָד) אויסע שטיי
שליכעס] זאַץ. תּח. <רשי, בראשית, יח, 2.
,איין מלאך קען ניט טאָן (טדט ניט) צוויי
שליחותן'. געניצט מיטן ב: קיינער קען ניט
גלײַכצײַטיק דורכפֿירן צוויי פֿאַרשידענע פֿונקציעס.
אויך וו אַ פֿאַרענטפֿערונג למאַי מע האָט עפּעס
י
ניט דורכגעפֿירט, ווײַל אויכ אַ מלאך קען ניט
טאָן צוויי זאַכן מיט איין מאָל, קען עס אַ
מענטש אַוודאי ניט.
אין מלים בלשוני (בּפּי) — [... מילים
בילשויני (בעפּי)] זאַץ. תּח. <לויט תּהלים,
קלט, 4: א, מלה בּ'. 'ניטאָ קיין ווערטער
אויף מײַן צונג (אין מײַן מויל)'. געניצט אין
פֿאַרשידענע סיטואַציעס מיטן ב: ב'בין ניט
בכּוח, ניט אין שטאַנד אויסצודריקן מײַן געפֿיל
(איבערן שטאַרקן אײַנדרוק, איבער אויפֿרעגונג:
צער פֿרייד, שטוינונג אאַזוו). ,,א, מ, ב, צו
,
שילדערן די עינוייִם אין די

קאָנצענטראַציעלאַגערן". ,,א, מ, בּ, איַך אָפּמשלען מיט וואָסער
גבֿורה ייִדן זײַנען געגאַנגען על קידוש־השם".
אין מלכות נוגעת בּהבֿרתה — [...
מאַלכוס נויגאַאַס בּאַכאַ'ווערטאָ] זאַץ. תּח. <שבת, ל/א; בּרכות, מח/ב. הערשאַפֿט רירט ניט אָן די צווייטע [אַפֿילו אויף אַ האָרעלע]. איין אויטאָריטעט פֿאַלט ניט אַרײַן אין תּחום פֿון דער צווייטער. אַ הערשנדיקע גרופּע □אַרפֿירט ניט קיין שטרײַט מיט אַ צווייטער. ,,די פּריצים און די קאַטוילישע קירך האָבּן געלעבּט בּשלום ווײַל א, מ, נ, בּ"". ,,וויפֿל שטרײַמלעך עס הייבּן זיך ניט איבּער וואַרשע, און א, מ, נ, בּ, — יעדעס שטרײַמל גייט זיך זײַן וועג", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אין ממנים סרנס על הציבּור — [...
מעמאַנים פֿאַרנעס אַל האַציבּור] זאַץ. תּח. <לויט בּרכות, נה/א: 'אין מעמידין...'. 'מע שטעלט ניט אָן אַ פּרנס אויף קהל, [צווייטע העלפֿט: אלא אם כּן נמלכין בּציבּור — סײַדן מען איז זיך מיישבֿ מיט קהל]. "די הלכה אַז א, מ, פּ'... בּאַציט זיך אַפֿילו אויף אַ גדול שבּגדולים", הר□ י. ד. סאָלאָווייטשיק, דרשה, כּסלו תּשכ"ב.

אין מסיהין בּסעודה — [... מייסיכין
בּיסודע] זאַץ. תּח. <תּענית, ה/ב. אויך: א,
משׂיהין בּ'. 'מע שמועסט (רעדט) ניט אינמיטן
עסן'. בּעת מען עסט — רעדט מען ניט. ,,רבּי,
א, מ, בּ'... עס איז אַ סכּנה, און ווי אַזוי
זאָגט איר מע זאָל רעדן בּײַ דעם עסן
דבֿריתּורה?“, סשי I. ,,א, מ, בּ, — כאָטש ער האָט
שוין גאָרנישט געגעסן“, י. ל בּינשטאָק, בּײַא
ר, שלמה בּערלינער, לוואָוו 1896. ,,די
אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָבּן דעם פּרעמיער
ניט פּאַרמאַטערט מיט שאלות ותּשובֿות, זאָגן
דאָך די חז,,ל: א, מ, בּ',,, טמז, 19 1965 ▯I.
שפּאַסיק: ,,א, מ, בּ, — הערט אויף צו דבּרן
נאָר וועגן אַכילה!“ (אין בּיאַליקס נאָמען).
אין מסרבֿין לגדול — [... מייסאַרווין
לייגאָדל] זאַץ. תּח. <בּבֿא מציעא, פּז/א; פּסחים,
פּו/ב. ,מע זאָגט ניט אָפּ אַ חשובֿן מענטשן'.
מע לאָזט זיך ניט לאַנג בּעטן. “דער בּעל־דרשה
בּעט דעם ר, דוד ער זאָל עפּעס זאָגן (תּורה).
ער וויל אָבּער ניט. דער בּעל־דרשער האָט זיך
געבּייזערט: עס שטייט א, מ, ל,,,, קח.
אינמעיט — דער, ־ס. אַמ. inma▯e: ▯<.

ווער עס לעבט אין דעם זעלביקן געשלאָסענעם
אַנשטאַלט, געוויינלעך אין דעם זעלביקן
צימערל (צעל, פּאַלאַטע). מײַן א, אין טורמע.
א, אין אַ היים פֿאַר אַלטע לײַט (מושבֿ־זקנים).
א, אין אַ שפּיטאָל.
אין מעמאָריאַם — ל. אין אָנדענק, צום
אָנדענק, לזכּרון. א, מ, פֿון פֿריצײַטיק
פֿאַרשטאָרבענעם קאָלעגע.
אין מערבֿין שׂמחה בשׂמחה — [...
מעאַרווין סימכע בייסימכע] זאַץ. תּח. <מועד
קטן, ח/ב. 'מע מישט ניט צונויף איין שׂמחה
מיט אַן אַנדערער'. געניצט מי□ן ב: מע פּראַוועט
ניט גלײַכצײַטיק צוויי שׂמחות. טײלווײַז ענלעך
צו: מע טאַנצט ניט אויף צוויי חתונות [מע
פּראַוועט ניט קיין חתונה חול־המוֹעד, אָבער מע
מעג מקדש זײַן אַ פֿרוי. פּורים איז ניט חל
דער אין מערבֿין... מע טאָר ניט שטעלן צוויי
חופּות פֿאַר צוויי ברידער אָדער צוויי
שוועסטער אין איין טאָג (שולחן־ערוך). אום יום־טובֿ
מעג מען מאַכן די סעודה פֿון ברית־מילה און
פֿון פּדיון־הבן]. געניצט אין פֿאַרשידענע
סיטואַציעס פֿון וועלטלעכן לעבן. „איך קען ניט
קומען בײַטאָג צו אײַך און אין אָוונט גיין אין
טעאַטער, א, מ, שׂ, ב'“. ”מע קען ניט די

זעלבּיקע אונטערנעמונג מאַכן פֿאַר... ראובֿנען
לכּבֿוד זײַן יובֿל און פֿאַר... שמעונען צוליבֿ
זײַן נײַ בּוך, א, מ, שׂ, בּ'".
אין מפֿטירין אַהר (ה)ססה (אַפֿיקומן)
— [... מאַפֿטירין אַכאַר האַפּעסאַך (אַפֿיקוימען)]
זאַץ. תּח. <פּסחים, י, ח. 'מע טאָר ניט
פֿאַרענדיקן דאָס (קרבּן־)פֿסח־עסן מיט אַ
נאָכשפּײַז,, פּיעט. [אַן ענטפֿער אויף דער קשיה פֿון
חכם אין דער הגדה: ,,ואף אַתּה אמור לו
כּהלכות (בּהלכות) הפּסח: א, מ, אַ, ה, אַ'" —
לערן מיט אים אַלע דינים פֿון פּסח בּיז דער
לעצטער משנה אין מסכתּא פּסחים, וואָס הייבּט
זיך אָן מיט א, מ, אַ, פּ, אַ'.] געניצט אין

פֿאַר7()13

שידענע סיטואַציעס (על־פּי־רובֿ אָן לעצטן
וואָרט אַפֿיקוֹמן'). ,,א, מ אַ, פּ, — נאָך פּסח

קען מען זיך ניט בּאַפֿרײַען פֿון די חוֹבֿות,,.. ,,אַ
ייִד, ווען דער גבּאי האָט שבּת נאָך פֿסח
מכבּד געווען מיט מפֿטיר, האָט זיך אָפּגעזאָגט,
ווײַל א, מ אַ, פּ, — נאָך פֿסח זאָגט מען ניט

,

קיין מפֿטיר„; “אַ ייִד אַ גבֿיר האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון זײַן אָרעמען קרובֿ ר, פּסח, מאַכט ער צו אים: איצט פֿאַרשטיי איך דעם פּשט אין דער משנה: א, מ, אַ, פּ, — מ'קען גאָר פֿון פּסחן ניט פּטור ווערן. — ס'איז דאָ אַן עצה, ר, קרובֿ: אַפּיקוֹמן! גיט מיר אַ מאהלע און כ'וועל אַוועקפֿאָרן„, פֿוּל.

אין מקרא יוצא מידי פשוטו — [...

מיקראָ יויצע מידיי פֿשוטוי] זאַץ. תּח. <יבֿמות, יא/ב; שבת, סג/א. 'אַ פּסוק גייט ניט אַרויס פֿון זײַן פּראָסטן פּשט'. מע דאַרף אײַנטײַטשן אַ שטעל אין חומש לויטן פּשט, ניט פֿאַרקרימען זײַן מיין. כאָטש עס קענען זײַן אַ צאָל טײַטשן, דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן דעם פּשוטן באַטײַט (פֿון פּסוק). „אָנגעזאָגט... דעם מלמד ער זאָל נאָר לערנען ווי אונדזער הייליקע גמרא זאָגט: א, מ, י, מ, פּ'„, קמ, 1866' No 18.

„איר האָט זיך גאָר אײַנגערעדט, מע טאָר קיין שום זאַך ניט לערנען על־פּי פּשט, נאָר על־פּי סוד, באָטש אונדזערע חכמים זאָגן בפּירוש: אין מקרא...„, ייִל קמ, 1867 24, No. „א, מ'... וויפֿל מע זאָל ניט ,שלעפּן, דעם פּסוק, וועט ער פֿאָרט ניט אַרויסגיין פֿון זײַן פּשט„,

טמז, ⌷) ⌷4 19 II.

אין מקשין באַגדה — [... מאַקשין
בייאַגאָדע (באָאַגאָדע)] זאַץ. תּח. <מורה נבֿוכים,
ח,,א פּתיחתא. 'מע פֿרעגט ניט (קיין קשיות)
אויף דער אַגדה'. ענלעך צו: ,,אויף אַ מעשׂה
פֿרעגט מען ניט קיין קשיא“.

א חרהור. לבּו — [... מאַריז... לייאָדאָם
מראי לו לאָדם (בּהלום) אלא

עלאָ מייהירהוריי ליבּוי] זאַץ. תּח. <בּרכות,
נה/ב. ,מע וויַיזט אַ מענטשן (אין חלום)
בּלויז די טראַכטענישן פֿון זיַין האַרץ,, ד“ה
פֿון וואָס מע טראַכט (בּאַגערט) בּיַיטאָג — דאָס
חלומט זיך בּיַינאַכט. ענלעך צו: ,,(פֿון) וואָס
מע רעדט בּיַיטאָג דאָס חלומט זיך בּיַינאַכט,,.
אין מרהמין בּדין — [... מייראַכאַמין בּאַדין]
זאַץ תּח <כּתובות, פּ̄ד/א. 'מע דערבּאַרעמט
זיך ניט בּיַי אַ דין'. אין רחמים בּדין.
אין מרצין לו לאדם בּשעת כּעסו —
[.. מייראַצין... בּישאַס קאַ'אַסוי] זאַץ. תּח.
<בּרכות, ז/ב. מע זאָל ניט איַינעמען אַ
מענטשן ווען ער איז אין כּעס, ד,,ה מע זאָל
וואַרטן בּיז זיַין צאָרן וועט אָפּלאָזן. ,,כ'זע דו
בּיסט אויף מיר אַש־להבֿה, ועל איך איצט זיך

ניט פֿאַרענטפֿערן, ווײַל א, מ'...,,.
אין משגיהין בבת־קול — [... מאַשגיכין בייבּאַסקאָל] זאַץ תּח. <ברכות, נב/א. 'מע רעכנט זיך ניט מיט אַ בּת־קול', ד,,ה קיין שום זײַטיקער אַרײַנמיש (מעג עס אַפֿילו זײַן אַן איבּערנאַטירלעכער, אַ געטלעכער) ווערט ניט גענומען אין בּאַטראַכט ווען דער בּית־דין דאַרף

□

אין נכון והכס במוך

עפּעס בּאַשליסן. געניצט אויך בּײַ אַנדערע סיטואַציעס: ,,לאָמיר זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף סתּם קלאַנגען, א, מ, בּ'־ק',,.
אין משיבין לאַהר (ה)מעשׂה — [... מעשיווין לייאַכאַר מײַסע] זאַץ. תּח <ראָש השנה, כט/ב. מע פֿרעגט ניט אָפּ נאָכדעם ווי די זאַך איז אָפּגעטאָן געוואַרן, ד"ה וואָס ס'איז געשען קען מען ניט כאַפּן אויף צוריק. אויך: איבּער דעם וואָס עס איז שוין געשען איז ניט שייך צו פֿירן אַ וויכּוח. טיילווײַז ענלעך צו: ,,אַחר המעשׂה — העלפֿט קיין חרטה ניט".
אין משנין ממנהג המדינה — [...
מייִשאַנין מימינהאַג האַמ(ע)דינע] זאַץ תּח. <תּוס □ -

תּא כּתובות ו. מע בײַט ניט (מע װײַכט ניט אָפּ פֿון) דעם מנהג פֿון לאַנד, ד״ה מע דאַרף זיך אויפֿפֿירן לויטן שטייגער פֿון דער מדינה. ענלעך צו: „אויף וואָס פֿאַר אַ וואָגן מע זיצט, אַזאַ ניגון זינגט מען“, שוו.

אין משנין מצדקה לצדקה — [... מיישאַנין מיצדאָקע ליצדאָקע] זאַץ. תּח. <לויט ערכין, ו/ב. 'מע בײַט ניט איין צדקה אויף אַן אַנדערער', ד״ה געלט געזאַמלט ווי צדקה פֿאַר איין צוועק טאָר מען ניט ניצן פֿאַר אַן אַנדער צוועק. „[ניצן פֿאַר אַן אַנדער זאַך] אָן זייער אויסדריקלעכער אײַנוויליקונג הייסט דאָך א, מ, מ, ל'„, ארז, קמ, 7□18' No 16.

אין משׂיהין בּסעודה — ← אין מסיחין בּסעודה.

אין משׂיהין בּשׂדה — [... מייסיכין בּאַסאָדע] זאַץ. תּח. [פֿאַראָדירט 'אין משׂיחין בּסעודה', תּענית, ה/ב]. מע שמועסט ניט א□ן פֿעלד. אַ רמז מע זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק מיט רייד סײַ אונטערוועגס סײַ בײַם דורכשרײַבן זיך. „איך מוז... אום איינגי גווישׂי פּאַרטיקוליערי אפֿהערן שמה בּיריד זײַן וא, מ, בּ'“, יוסף מאַרשן, חנוך לנער פֿיורדא תּקל״ד.

,

אין מתהילין בבּ״ד — [... מאַסכילן בייבּאַד] זאַץ. תּח. <שולחן ערוך, יורה דעה, ס, קעט, סעיף ב. ,מע הייבּט ניט אָן (מ'זאָל ניט אָנהייבּן אַ מלאָכה, געשעפֿט אָדער אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג) מאָנטיק און מיטוואָך, בּ, און ד". [אויפֿן סמך פֿון אַ פֿאָלקס־גלייבּעניש אַז עס איז ניט מזלדיק: מאָנטיק שטייט ניט אין דער תּורה 'כּי טובֿ', מיטוואָך — איז געמינערט געוואָרן די ליכטיקייט.] „א, מ, בּב״ד חוץ מן התּורה בּלבֿד„„ חיי אַבֿרהם כלפֿון, ליוורנו תּרי״ז = אויף אָנהייבּן לערנען אָדער בּכלל אויף אַ דבֿר שבּקדושה איז ניט חל דאָס פֿירעכץ.

אין מתפּללין על רובֿ הטובֿה — [... מיספּאַלעלין אַל ראָוו (רויוו) האַטויווע] זאַץ. תּח. >תּענית, כג/א. 'מע טאָר ניט תּפֿילה טאָן (בּאַקלאָגן זיך) אויף צו פֿיל גוטס (ווען דאָס גוטע וועגט אַריבּער)'. „דער טאָג איז דאָך אַ גוטער, ווי די ישיבֿהניקעס רופֿן עס, 'אַ פֿעטער טאָג, און א, מ, ע, ר, ה, — מע טאָר ניט... בּאַקלאָגן זיך״, ש סײמאָן, צוו ▯ .גן.

אין נבֿון והכם כּמוך — [... נאָוואוין
ווייכאָכאָם קאָמויכאָ] זאַץ▯ תּח. <בּראשית, מא, 39.

▯

--

אין נכיא בּעירו

'ניטאָ אַ פֿאַרשטענדיקער און קלוגער אַזוי ווי
דו', תּי. געניצט אי ווי אַ קאָמפּלימענט אי איר.

.

אין נביא בעירו — [.. נאָווי בעאירוי] זאַץ.
תּח. <ר, שמואל אלגאַזי (16. י"ה), אַהבֿת
עולס [משמעות לויט אַן אַראַבּישן מקור
בשײַכות מיט מוחמדס אַנטלויפֿן פֿון מעקאַ קיין
מעדינאַ; אפֿשר אויך אויפֿן סמך פֿון ירמיה, יא,
21]. קיינער איז ניט קיין נבֿיא אין זײַן (
געבוירן־)שטאָט, ד„ה צווישן אייגענע קריגט מען
ניט קיין אָנערקענונג. "די 'יאַהודים'... האָבן
איגנאָרירט הערצלען און זײַן ייִדנשטאַט־אידייע.
ס'האָט זיך באַשטעטיקט דער אַלטער כּלל: א,
נ, בּ"', טמז, 1965 III ו 29.
איננו — [איינענו] זוו. <בראשית, לז, 30 אאַ.

ער איז ניטאָ. געניצט מיטן בּ: אַוועק,
פֿאַרשוואונדן, נעלם געוואָרן. אַוועק וא'. — „וואו
איז ער? — ווער ווייסט? א, און פֿאַרטיק".
"הײַנט איז ער דאָ און מאָרגן — א'". *(והילד)

א', דער פֿויגל איז ניטאָ. „גאַנץ ק„ק באָלעכאָוו
קלינגט שוין... [אַז] דער שדכן איז נעלם

געוואָרן, א'", ד. י. זילבערבוש, שטרעכאַלעך ווין
1916. „און חיימקע איז געוועז א',„ ב. גאָרין,
דיא מזיקים, נ"י 1900.

אין ניוועץ גיין — צזוו אוטוו. 1o os]: >

אויך אין אוק פֿאַרלאָרן גין אָן שום .

)()י1]י. .

נוצן. "מע קויפֿט אָן איבעריקע שפּײַז וואָס גייט
א, נ',.. „אַן אויסברענגער, איז אים דאָס געלט
א, נ, געגאַנגען". „מײַן יואַקאַציע דאָס יאָר
גייט מיר א, נ"", פּב. „אַזאַ טאַלאַנט — און ער
גייט א, נ'!,.. „עס וועט אַ גראָשן א, נ, ניט ג'„,
פֿלאי, המדבר בצדקה, וואַרשע תּרנ"ב. „אײַער

יש און פֿלייש וועט ניט גיין אין ניוועץ", אמד,
די יודען אין ליטא, ווילנע 1871. „די
צוגעשטעלטע וואַרעמקייט גייט לויט אונדזער געזעץ
ניט א, נ',„ א. ש. זאַקס, דאָס לעבן פֿון פֿלאַנצן,

ז, .

אין נקי — [איין נאָקי] פֿראַזע אָדער זאַץ.
>מלכים א, טו, 22. 'ניטאָ קיין ריינער'.
געניצט מיט בב: א) קיינער איז ניט ריין, קיינער

איז ניט פֿרײַ. ,,אָ, די דײַטשן! א, נ, פֿון שולד,,;

בּ) קײנער איז (װערט) ניט אַרױסגענומען פֿון
כּלל [שטימט מיטן בּ פֿון פּסוק.] ,,אַלע מוזן
צאָלן, א, נ',,.
אינס — [לאַנגע י] פּראָ. פּד. דזװ אײַער(ע).
,,דאַכט זיך פֿרימעטל? יאָ. און דאָס איז א,
ייִנגל?'', י. פּערלע ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, ,,איך
האָבּ עס... געלײענט... בּין איך [דעמאָלט]
געװען אין א, יאָרן,,, אָפּאַ, אַלײן. ,,האָט מען
שױן געהערט אַז א, אַלטער איז געקומען,,,
ש. בּערלינסקי, 'געהאָלפֿן געװאָרן'. ,,װער רופֿט?
— איהנס טאָכטערס חתן'', בּאַש פֿון מײַן
טאַ,
טנט בּית־דין־שטובּ, ז, 21; ''איהנס װאַבּ האָט
איהן געשיקט רופֿן צום רבֿ'', דאָרטן, ז, 43.
,,איך האבּ מײַן שװיגר גיבּעטן, זיא זאָלט אין
אינשׂ הױז ניט לאָזן גין'', 'שו''ת הרמ''א',
קראָקע 1640 [הש I].
אינס — [קורצע י] פֿאַרשמעלצונג פֿון אין &
דאָס. ,,װער דא האָט איין שױן װײַבּ מיט

מעשׂים טוֹבים, דער מאג זיך רײַך הלטן, דען ער קומט אינס‌t איבּיג לעבּן", בּראַנט, פּרק ה.
"בּיז אינ) צעהנט דור זאָל מן זיך אום זעהן, דעם גר זײַנע קרובֿים ניט יל טאָן פּר שמעהן,,, צוכט. ,,קומן זי אונז אינשׂ הויז, שפּעהן זי אַלישׂ אויז", אַשכּנז.

אינסאָלאַציע — די, ־ס. <איי <ל. 1. זונבּאַשטראַלונג. א, פֿון דער ערד (דורך דער זון). 2. (מעדיצין) זונ(ען)שטאָך, זונשלאַק. ,,עס איז אַ פֿאַקט, אַז פֿערזאָנען מיט אַ ווײַסן פּנים און העלע האָר רעאַגירן שוואַך אויף א'", טאָז, 1928, No 25. ־ירן — טרוו. לאָזן אונטער דער ווירקונג פֿון זונשטראַלן. א, די ניט־צײַטיקע פּירות. א, ווי אַ היילמיטל. ־ירונג.

אינסאָלווע'ן — די, ־ן. <איי <ל. אומפּעאיקייט צו צאָלן חובֿות. ,,דער אַלגעמיינער קריזיס האָט אויך מיך דערפֿירט צו א',,.
אינסאָלווע'נט — אַדי.

אינסאָ'לטן — טרוו. ־סאָ'לט, אינסאָלטעט. אַמ. o insult : <. באַליידיקן. איבּערפֿ[אַלן מיט ווערטער. ,,איך ווייס ניט פֿאַרוואָס עס קומט

מיר, מע זאָל מיך א'“, רייד (נ,,י). אויך:
אי'נסאָלט — דער (די).
אינסאָלע'נט — אַדי. <איי <ל.
אומפֿאַרשעמט פֿאַרריסן, חוצפּהדיק. ראָש מלון מפֿתּח
,
פֿאַרטײַטשט 'יהיר, (חבֿקוק, ב, 5). פֿרעך,
—
,, .
שטאָלץ, אינסאָלענט“ [תּי: “שטאָלצער מענטש“].
אינסאָלע'נץ — אום□אַרשעמטקייט, חוצפּה.
אינסאָמני□ע — די. בּא. <איי <ל.
כראָנישע שלאָפֿלאָזיקייט. ,,א, (שלאָפֿלאָזיקייט) און
אירע היילמיטלען“, י. גלען, □אָר, 24 1967 III.
־אַק — ווער עס לײַדט פֿון אינסאָמניע.
אינסגענעראַ'ל — אַדוו. אַרכ. אַלע (אַלץ)
מיטאַנאַנדער, אין אַלגעמיין. ,,דרצו איך אַלי
אינשׂ גינראַל גאַנץ פֿרײַנטליך אינוויטירן, ווײַל
איך אײַך יעדן אינשׂ גינראַל ניט ווײַז צו
טיטולירן“, 'אחשורוש־שפּיל', אַמשט 1718 [פֿש II,
.[431
אין סדר לישׂראל — [איין סיידער
לעייִסראָע□] זאַץ. תּח. צבֿ. לויט: אין מזל לישׂראל
□.. ניטאָ קיין אָרדענונג בײַ ייִדן, ד“ה עס
פֿעלט סיסטעם, פּלאַנמעסיקייט. [אָנווײַז אויף

אַ כאַראַקטער־שטריך פֿון ייִדישן פֿאָלק, אַזוי ווי: עמא פּזיזא, בּני־ישׂראל רחמנים, בּיישנים וגומלי־חסדים אע] „וואָס קען מען זיך ריכטן פֿון קהל? ס'איז דאָך א, ס, ל"‟. איר. ‟מע זאָגט א, ס, ל', והראַיה: איין מאָל אין יאָר מאַכט מען אַ סדר פֿרעגט מען בּאַלד: מה נשתנה?‟,

,

פֿוול [יע, דאַווענען, וואַרשע תּרע"ח].

אינסובּאָרדינאַציע — די, ־ס.

אומאונטערגעוואָרפֿנקייט (אונטער אַ געזעץ, מאַכט, העכערן

אָנגעשטעלטן), אומ אָלגעוודיקייט. בּאַשטראָפֿן

-

פֿאַר א'.

אין סוד — [... סאָד] אַדוו פֿראַזע. אַרכ. דזוו אין געהיים ←, בּסוד. ‟דא וואָלטן זיא דען פּיגר א, ס, אין וועק טון‟, מבּ, אַמשט, מעשׂה קיז [אַווע III].

אין־סו

אינסולאַ טאָר — דער, ־ן (־ס). >איי <ל.

אַמ. דזוו איזאָלאַטאָר, בּבּ 1, 4 (← 1040).

גלאָז און גומי ווי גוטע א'ן. ־ציע.
אינסולאַ'ר — אַדי. <איי <ל. אויך: א'יש.
1. וואָס האָט אַ שײַכות צו (איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אײַנוואוינער פֿון) אַן אינדזל.
2. איזאָלירט, אָפּגעזונדערט פֿון אַרום. "די
אַמעריקאַנער פּאָעזיע... איז געוואָרן
ווינקלדיק, א', רעאַקציאָנער,,, יג, איק, 1957 IX 13.
3. (מעדיצין) וואָס איז נאָר ערטערווײַז,
פֿלעקנווײַז. ־קייט.
אינסולטירן — טרוו. ־טיר, אינסולטירט. <איי
<ל. שפּאַ (קען געניצט ווערן אויך אין
כללשפּראַך). באַליידיקן, זידלען, ▯אַרשאַפֿן

אומכּבֿוד. א, דעם שכן איבער אַ קלייניקייט. "
הײַנטיקע צײַטן א, נישט די עלטערן זייערע
קינדער", רייד (בּ"א).
אינסולי'ן — דער. בּא. <איי <ל. 1. (
פֿיזיאָלאָגיע) האָרמאָן פֿון דער גראַטשיצע (
פּאַנקרעאַס), אויסגעאַרבעט פֿון צעוואָרפֿענע
קעמערלעך (אינדזעלעך), מיט דער פֿונקציע צו
רעגולירן דאָס פֿאַרדײַען קאַרבאָהידראַטן.
2. (מעדיצין) רפֿואה פֿאַר צוקער־קראַנקע (אַן
אײַנשפּריצונג אָדער טאַבלעטן). אײַנגעבן אַ

פּאָרציע א,. „ווי ס'איז באַקאַנט איז אין די לעצטע יאָרן דערפֿונדן געוואָרן אַ גוט מיטל קעגן צוקער־קראַנקייט — א',„ טאָז, 1928, No 1.

אינסולירן — טרוו. ־ליר, אינסולירט. (פֿיזיק, כעמיע) אָפּזונדערן, אָפּטיילן עס זאָל ניט זײַן קיין קאָנטאַקט. א, עלעקטרישע דראָטן, זיי איבּערציִען מיט גומי. ־ונג.

אין סומאַ — ל. אַרכ. 1. בּסך־הכּל. אין דער אונטערשטער שורה. הכּלל. „א, ס', וויא ער [דער רעדנע□]... בּטראַכט, דער צו הערר זיך דא דורך איין טײַטליכן בּגריף צו מאַכן פֿון זײַניווערטער...„, אבֿן י□tראל, מעץ 1766, 2. (אַלע) צוזאַמען. „בּײַא דעם יעניראַל... זאָלין גין מוזין א, ס',„ בּאַלעגערניש.

אין סומכין על אַגדה — [איין סוימכין אַל אַגאָדע] זאַץ. תּח. לויט 'אין סומכין על הנס', □. דוווו. מע שטיצט זיך ניט אויף דער אַגדתּא, ד״ה מע בּרענגט ניט קיין ראַיה פֿון אַ לעגענדע פֿרגל: אין מקשין בּאַגדה.

.

אין סומכין על הנס — [... אַל האַנעס] זאַץ. תּח <לויט פּסחים, סד/ב: לא סמכינן אַניסא.

'מע פֿאַרלאָזט זיך ניט אויף אַ נס', געניצט מיטן

בּ: בּ▯ אַ סכּנה, בּכלל אין אַ שווערן מצבֿ דאַרף

י

מען טאָן אַלדאָס מעגלעכע, און ניט פֿאַרלייגן
די הענט און וואַרטן אויף אַ נס, אויף הילף
פֿון הימל. „בּיז איצטער האָבּן מיר געזיגט
נאָר מיט נסים, וא, ס, על ה'„. שפּאַסיק: „מיט
בּיקסן וועט איר מנצח זײַן, א, ס, על ה', מע
דאַרף זאָגן תּהילים„; „א, ס, על ה, — אַז מע
פֿאַרלאָזט זיך אויף אַ נס איז אַ בּראָך צו די
יאָרן“.

אין־סוף — [איינסאָף] דער. ,(דאָס) וואָס איז
אָן אַן ענד'. <זוהר, רזא דעשׂר ספֿירין, דבֿרים,

-

אין־סופֿיק

ואתחנן. 1. (קבּלה) העכסטער אָטריבּוט פֿאַר
גאָט און אויך גאָט. דאָס זײַן אומבּאַגרענעצט
אין צײַט און רוים; דאָס זײַן אַבּסאָלוט
אומאָפּהענגיק; די סיבּה פֿון אָלע סיבּות וואָס האָט
שוין ניט קיין שום סיבּה; דאָס וואָרע און
אומענדלעכע זײַן, וואָס פֿון אים שטראַלט אַרויס
דער אור־עליון (←), וואָס איז משפּיע אויף

די צען ספֿירות, ווערט אַנטפּלעקט און האָט
אַ קיום אין זיי. דער א׳־ס, האָט ניט קיין שום
פֿאָרעם און געשטאַלט. קען אויך ניט
סימבּאָליזירט ווערן דורך קיין שום פֿאָרעם. ניט קענען
משׂיג זײַן דעם א׳־ס׳. שטרעבּן צו (בּענקען נאָך)
דעם א׳־ס׳. „די בּחינה פֿון חכמה וואָס אין דעם
נפֿש, וואָס אין איר איז דער אור פֿון א׳־ס,
בּרוך הוא“, תּניא, 96. „הקבּ„ה וואָס ער הייסט
א,־ס, (כּלומר עס איז קיין סוף צו אים)“, נוצ,
182. „דער מענטש פֿון דער קבּלה בּענקט נאָך
דעם א׳־ס׳, נאָך דעם אומענדלעכן ליכטקוואַל
פֿון װעלכן עס שלאָגט... דאָס וועלטלעכע
געשען„„ זשיט II, נ„י 1912. „אום אַוועקצונעמען
די גשמיות האָט מען אַראָפּגענומען אַ לבֿוש נאָך
אַ לבֿוש בּיז ס׳איז געבּליבּן אַן א׳־ס„„ אָפּאַ,
אין פּוילישע וועלדער. „דער רוים האָט געוואָלט
זיך פֿאַרלירן אין א׳־ס, פֿאַרשווינדן... ער האָט
געשטראָמט צו דער ערשטער נקודה“, צײַט,
טטטרון.

2. (פֿילאָסאָפֿיע) אינפֿיניטיווקייט (←),
אומענדלעכקייט (←) (לויט פֿאַרשיידענע בּאַנעמען
אין אַ צאָל פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען). “די בּיידע
בּאגריפֿן פֿון א,־ס, (אומענדלעך) אין מאָס

— —

און אין צײַט — זענען אייביקע וואַרהייטן“, ארז, קמ, 3 1865, No.

3. אומענדלעכער חלל. אייביקייט, נצחיות. מיסטעריעזע אומבאַקאַנטקייט. „דער בן־אָדם רײַסט זיך מיטן כּוח פֿון אינטעלעקט און דמיון צום א־ס'„. נאָך וואָס גרענעצן? רחבֿות וויל ער, צום א־ס, בענקט ער“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „דײַנע פֿיר איילן שפּרייטן זיך פֿונאַנדער ביז א־ס'„, הל, 'נאָך אָלץ ניט כּדאַי'. „... וואַקסט פּלוצעם אויס אויף דער אומזיכערער ערד, ווײַל דווקא דאָ גייט ער אויס נאָכן א־ס'“, מ. גראָס־צימערמאַן, גק, No 48. „עס גיט זיך ניט אונטער דער קערפּער דעם שלאָף, איך ליג און טראַכט וועגן שפּרונג אין א־ס'„, יעקב שטערנבערג.

4. געניצט אַדיעקטיוויש. וואָס איז אָן אַ שיעור, אָן אַ גרענעץ, אָן אַ מאָס; אומענדלעך. „אָז די תּורה האָט ניט קיין התחלה און קיין סוף, אַז זי איז א־ס'„, פּרץ, 'יוחנן מלמדס מעשׂהלעך'. אויך גוזמאדיק: „און אַ וואַלד געזען, אַן א־ס'־וואַלד„, פּרץ.

-

אין סוסיק — [איינסאָפּיק] אַדי. וואָס איז (ווי) אין־סוף, ←. אומענדלעך. „שטאַפּלען אויף דעם א'־ס'ן וועג פֿון פּראָגרעס„ פֿון „.

א,־ס'ן באַשאַף וועט געוויס ניט גיין לאיבוד דאָס קערנדל ענערגיע וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש„, קאָר II. „א,־ס', אייביק ווי דער ים„, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט. „דער שאָטן איז א'־ס'ער און רוחניותדיקער ווי די באַשאַפֿונגען אַרום וועלכע ער פֿליסט“, ייִט, טמז,

13O9

5 1959 II. „ניט צו דיר, אָנצײַטיק א,־ס'ער, קוועלט מײַן זינגענדיק שווײַגן„, יעקבֿ פֿרידמאַן, ליבשאַפֿט. ־יקייט — „אַ ווינקל און אַ ליניע מוזן זיך פֿאַרענדיקן סוף־סוף, דער קרײַז אָבער איז אייביק מיט א, געפּאָרט„, הל, לידער צוס אייביקן.

אינסור גע'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. <איי <ל. מורד, אויפֿשטאַנדלער. די אַמעריקאַנער א'ן קעגן דער ענגלישער קאָלאָניאַלער מאַכט. אַן א'ן־באַנדע. „אין קאַנדיע איז...

אָך ניט געשטילט די רעוואָלוציע און די א'ן
האַלטן זיך נאָך שטאַרק“, קמ, 39 1866, No.
־גירן — אוטוו. אָרגאַניזירן, מאַכן אַן
אויפֿשטאַנד. ראָש מלון מפֿתח פֿאַרטײַטשט '
אינסורגירן, — „איריטירן, רייצן, אויפֿהעצן„. א,
קעגן דער מאַכט. ־עקציע — רעוואָלט,
אויפֿשטאַנד, בונט ־עקציאָניסט —
באַ— .
טייליקטער אָדער אָנהענגער פֿון אַן
אינסורעקציע.
אין סטאַטו קוואָ — פֿראַזע. ל. אין דעם
זעלביקן (איצטיקן אָדער פֿריִערדיקן) צושטאַנד,
אומפֿאַראַנדערשט. געניצט פֿאַרגרײַזט: אין
סטאַטוס קוואָ. „די סיטואַציע אין מיטעלן מזרח
בלײַבט אין סטאַטוס קוואָ„.
אינסטאַל ירן — טרוו ־ליר, אינסטאַלירט.
<איי <ל. [אין לאַטײַן־אַמעריקע —: ק .>
lar 1ıI .ins]. אײַנאָרדענען, אײַנשטעלן,
אײַנפֿירן. א, גאַז, עלעקטרע, אַ נײַע
קאַנאַליזאַציעסיסטעם. „פּאַוולאָוו האָט געאַרבעט בײַ...
גינסטיקע... באַדינגונגען. זײַן אינסטיטוט איז
אַן אמתע מוסטערהאַפֿטע קליניק, וואו עס ווערן
אינסטאַלירט ביז 400 הינט„ פֿגעז, ווילנע

,
(צפֿון־ און דרום־אַמעריקע). No ,1937 4. 2
אָפֿיציעל אָרײַנפֿירן אין אַן אַמט; דורכפֿירן די
צערעמאָניע פֿון איבערנעמען אַן אַמט. א, די
נײַאויסגעווײילטע באַאַמטע. אויך מיט ז י ך. אַמ:
אינסטאָלן.

־אַטאָר — ווער עס אינסטאַלירט. א, פֿון
קאַנאַליזאַציע. עלעקטראָטעכנישער א'. ־
אַציע — פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון
אינסטאַלירן. ,,בּ□ אַ שלעכט אַדורכגעפֿירטער א,
,
קען לײַכט ווערן אַ שׂריפֿה,,, פֿגעז, ווילנע 1935,
No 3. ־ירונג — ,,ווען מע קלויבּט אויס
די באַאַמטע פֿירט מען זיי אַרײַן אין אַמט...
דורך אַ פֿײַערלעכער א',,, ייִשפּ 6 —3 ,□ I.
־ייִש(אָ)ן — אַמ. אי□סטאַלירונג.
אינסטאָלמענט — דער, ־ס (־ן). אַמ□:□ □.
□ insוIallmen. ראַטע. ביסלעכווײַזע אָפּצאָלונג
פֿון חובֿ אין אײַנגעשטעלטע טערמינען.
אויסצאָלן אין צען א'ס. א'־פּלאַן.
אינסטאַ'נץ — די, ־ן. אין 19. י''ה אויך:
אינסטאַנציע. <איי <ל. 1. יעדער
רעגירונגס־אָרגאַן וואָס איז אַ טייל פֿון אַ נעץ

אָרגאַנען פֿון פֿאַרשיידענע מדרגות, ספּעצ אויפֿן
געריכטלעכן געביט. אַ שטײַער־אינספּעקטאָר
אין דער העכסטער א', אין פֿינאַנץ־מיניסטעריום.
פֿאַרשפּילן אין אַ נידעריקער א, און געווינען
אין אָ העכערער א'. ,,דעם קאַמף האָבן
שלעזישע ייִדן געפֿירט מיט אַ וואונדערלעכן

אויסאינסטיטוט

דויער און דורך אַלע א'ן,,, ימ איבז, שד II .
,,איבערקויפֿן אַזוי פֿיל א'יעס לאָזט זיך אויך
ניט רעדן, און דאַן די הוצאָות“, קמ, 1865, No
.19
2. בכלל אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע.
ייִוואָ — אַ העכערע א, פֿאַר ייִדישער
ויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. ,,דער אינטערנאַציאָנאַל
איז גראָד יענע א, צו וועלכער דאָס ייִדישע
פֿאָלק מעג זיך ווענדן אין זײַן קאַמף פֿאַר
נאַציאָנאַלע רעכט,,, זשיט IX, נ,,י 1919. ,,די
מערהייט וויל פֿאַרוואַנדלען די 'נאַציאָנאַלע
פֿאַרזאַמלונג, אין אַ פּוסטער און אומנוציקער א',,,
ימ, נײַס, 1923.
3. אַרכ. <פֿר [די ענדונג ־יאָן צוגעלייגט
לויט אַנאַלאָגיע]. געלעגנהייט. ,,דיזר אין הלט

פֿון שרײַבנס אויף ערשטער אינסטאַנסיאָן אַן צו ראַפּורטירן,,, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ"ד.

4. (הויכע) מדרגה, אויטאָריטעט. "
אויסצוגעפֿינען אויף דעם פֿעלד פֿון פֿילאָסאָפֿיע אַבסאָלוט ריכטיקע... אמתן פֿון דער לעצטער א'", זשיט III, נ,,י 1912. ,,בערגסאָנס , אינטואיציע, איז... די העכסטע א'יע פֿון סוביעקטיוויזם,,, בן נתן, דאָס נ□ע לעבען□ נ"י פּעב,

,

.1913

אינסטיגIירן — טרוו. ־גיר, אינסטיגירט. <איי
<ל. מעורר זײַן, אָנרעדן, אויפֿהעצן (צו אַ נעגאַטיווער האַנדלונג). א, אַ מחלוקת. א, איין טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג קעגן אַ צווייטן טייל. ,,בכלל איז דאָס געווען די לעצטע פֿאַרשווערונג וואָס די נבֿיאים האָבן אינסטיגירט, מעורר געווען,,, שלמה סימאָן, טמז, 18 1955 □II.
־אַטאָר. ־ירונג. ־ירער.

אינסטיטואירן — טרוו. ־איר, אינסטיטואירט.
<איי <ל. שאַפֿן, גרינדן, עטאַבלירן, אײַנשטעלן, אויפֿשטעלן. א, קאַטעדרעס פֿאַר ייִדישע שטודיעס בײַ די אוניווערסיטעטן. א, אַ

געדענקטאָג פֿאַרן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

־ונג.

אינסטיטוט — דער, ־ן. <איי <ל. 1.

לערןאַנשטאַלט (פֿאַר דער אויסבילדונג אין אַ פֿאַך, אין אַ צאָל פֿריִע פּראָפֿעסיעס). עלעקטראָ־ טעכנישער א'. אַגראָנאָמישער א'. פּעדאַגאָגישער א'. מוזיק־א'. א, פֿאַר טויב־שטומע אדגל. אין צווייטער העלפֿט 19. י,,ה — ווילנער און זשיטאָמירער לערער־א'ן. ,,ייִדישע סטודענטן פֿון די אוניווערסיטעטן און פֿאַרשיידענע טעכנישע א'ן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך תּפֿילין און מזוזות כּדי צו ווײַזן יענעם און זיך אַליין דערמאָנען אַז מען איז אַ ייִד,,, דר, יעק□ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897. 2. מוסד פֿאַר □ אָרשונגען. ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער א, — ייִוואָ. א, פֿון פֿראַנקרײַך (שליסט אײַן פֿינף אַקאַדעמיעס). ראָקפֿעלער־א'. פּאַסטער־א'.

־ניק — ווער עס לערנט זיך אין אַן אינסטיטוט. ספּעצ אין רעגירונג־א'ן פֿאַר ראַבינער און לערערס אין 19. י,,ה. "קענען די א'עס קיין גרויסן אײַנפֿלוס נישט האָבן אויף זשיטאָמירער עולם", ייִפֿאָל, 28 1885, No. ־שיק

אינסטיטוציאָנאַל

— דז, ספּעצ פֿון ווילנער לערער־אינסטיטוט.
־קע — תּלמידה פֿון אַן אינסטיטוט.

אינסטיטוציאָנאַ'ל — אַדי. פּפֿ: ־נעל.
1. וואָס איז שייך צו אָדער פֿון אַן אינסטיטוציע. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אינסטיטוציע. א'נאַלע געטרײַשאַפֿט. 2. וואָס איז אָרגאַניזירט אין פֿאָרעם פֿון אַן אינסטיטוציע.
„... אַ קלענערן אינטערעס אין א'נעלער רעליגיע צווישן יִידישע סטודענטן", ייִבֿל I וXX, 202. "עס איז דערפֿאַר גאָרנישט נייטיק צו זײַן רעליגיעז אין אַ דאָגמאַטישן אָדער א'נעלן זינען", גרינ. ־קייט.

אינסטיטוצ אָנאַליזירן — טרוו. ־זיר, איני סטיטוציאָנאַליזירט. אײַנשטעלן אין פֿאָרעם פֿון אַן אינסטיטוציע, מיט תּקנות, מיט אַ באַשטימטער פּירערשאַפֿט. א, רעליגיע פֿאַראַן

." ,
אין יעטוועדער מענטשלעכן קיבוץ לעבנס־פֿאַרהעלטענישן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט אינסטיטוציעס און אַנדערע וואָס זײַנען ניט

אינסטיטוציאָנאַליזירט,,, מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט. ־ונג.
אינסטיטוציאָנאַלי'זם — דער, ־ען. גע־ א
טרײַשאַפֿט צו אינסטיטוציעס. שיטה וואָס האַלט
אַז אין באַשטימטע אײַנגעשטעלטע
אינסטיטוציעס שטעקט גרויסע ווערטיקייט (הייליקייט).
־ימט.
אינסטיטוציע — די, ־ס. <איי <ל. 'פֿאָר־ א
מאַציע', גרינדונג. 1. פֿיר, אײַנפֿיר, נאָרמע,
טייל פֿון לעבן־שטייגער וואָס איז
סאַנקציאָנירט (דורך טראַדיציע, דורך דער מאַכט) און
פֿונקציאָנירט אויף אַן אײַנגעשטעלטן אופֿן. א,
פֿון דער פֿאַמיליע. א, פֿון פּריוואַט־אייגנטום.
א, פֿון ירושה־רעכט. א, פֿון געשוואָרענע
ריכטער. 2. לעגאַלער אַמט. די א, פֿון דער
פּאָליציי. ,,די מלובה־א'ס וואָס האָבן אַן
אייבערהשגחה אויף די קרעדיט־חבֿרות'', ב. האַלפּערן,
אַ האַנטבוך פֿון אַ פֿאָלקס־באַנק, ווילנע
□ ..
1922. 3. חבֿרה, געזעלשאַפֿט, אָרגאַניזאַציע
פֿאַר אַ באַשטימטער סאָציאַלער באַדער □ עניש.
''תּלמוד־תּורה, ביקור־חולים, לינת־הצדק, הקדש
א
— די כאַראַקטעריסטישע א'ס פֿון דער

אַמאָליקער ייִדישער קהילה“. אויך: דער בנין וואו די
א, פֿונקציאָנירט.
4. דזוו אינסטיטוט. ,,אַ באַזונדערער
קאָמיטעט וואָס אין אים באַטייליקן זיך די וויכטיקסטע
לערך־ און פֿאָרש־א'ס פֿון דער מדינה“, אפֿא,
טמז, 5 .30 1964 III. ווער עס ירט דורך
די פֿונקציעס פֿ ן אַן אינסטיטוציע אָדער איז
אַן אויטאָריטעט אין אַן אינסטיטוציע. ,,ער איז
ניט נאָר אַ שרײַבער, ער איז אַן א',,. “געווען א
אין גראָדנע אַ צײַטונגס־פֿאַרקויפֿער. ער איז
געווען אַן א, פֿאַר זיך אַליין, אַ וואַנדערנדיקע
ביבליאָטעק“, זש, אַמעריקאַנער, 1958 III 1.
שפּא: אינסטיטוציאָן. אַמ:
אינסטיטדשן.
אינסטי'נקט — דער, ־ן. <איי <ל.
אָנשׂכלדיקער שטויס־כּוח, נאַטירלעכער אימפּולס.
ניט־אויסגעלערנטער אָפּרוף אויף אַ שפּירונג.

131()

אײַנגעבוירענע, גערשנטע פֿעאיקייט (דראַנג,
נייגונג) צו אומבכּיוונדיקער, צוועקמעסיקער
רעאַגירונג, האַנדלונג און באַנעמען זיך בײַ

מענטשן און בעלי־חיים. חיהשער א'.
פַארשאַרפֿטע א'ן. דער א, צו דערפֿילן אַ געפֿאַר.
„אין דעם ליגט די אייבערהאַנט פֿון שׂכל,
וועלכער איז שאַפֿנדיקער געדאַנק, קעגנאיבער
א, וועלכער איז גע'ירשנטער געדאַנק“, ש. בלום,
דער בוים פֿון לעבן, נ“י 1931. “אין דעם
אייניקל האָט זיך פלוצלונג דערוועקט דער א, ▯ון
זײַנע זיידעס און עלטערזיידעס“, נאָמ, 'דאָס
רבישע אייניקל'. „איר ווײַבלעכער א, האָט איר
אונטערגעזאָגט אַז איצט קען ער איר צו נוץ
קומען“, בּ. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „די
הימל־שפּראַך מיט וועלכער כ'פֿלעג מײַן
ערדא, באַשײַנען“, יהואָש, 'זעלבסטנאַרערײַ'. „א'.
דער באַגריף ווערט שוין איצט כמעט ווי ניט
געניצט אין דער פֿסיכאָלאָגיע, אָבער אין אַ
רשימה פֿון טערמינען מוז עס זיך געפֿינען,
כאָטשבי פֿאַר צוועקן פֿון שרײַבן געשיכטע
אָדער קריטיק פֿון פֿסיכאָלאָגיע„, מ. קליגסבערג,
ייִשפּ ▯I, 1. א'־מ ע ס י ק.
ינסטינקטוע'ל — אַדי. נעאָל. וואָס איז
ענלעך צו אַן אינסטינקט. דזוו אינסטינקטיוו.
“יענע אינטימע ליבשאַפֿט וואָס איז אַזוי גוט
ווי א', כמו איראַציאָנעל„, לע וועלט און וואָרט.
־קייט.

ינסטינקטי'וו — אַדי. וואָס קומט פֿון אַן
אינסטינקט. אימפּולסיוו. וואָס ווערט דערפֿילט
אָדער געטאָן אָן באַטראַכטונג. א'ע רעאַגירונג.
א'ע האַנדלונג. א'ער זשעסט. „עס גיסט זיך
עפּעס אַ וואַרעמע, אַ רויטע פֿליסיקייט — אַ
קויל — איך פֿאַל א, אויף די קני“, א. זאַק,
אַ פֿאַרוואונדעטער'. „די פֿאַרשידענע קערפּער
,
בילדן זיך אויס פֿון איינפּאַכע... מאַטעריע,
נאָך די א'ע פֿעאיקייטן, דורך די... געזעצע
פֿון דער נאַטור„, דער וואַהרער ציל פֿון
אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901. „אינעם נאַציאָנאַלן
לעבן שפּילן די הויפּט־ראָלע די א'ע זאַכן“,
זשיט X, נ„י 1919. ־קייט.
ינסטרואירן — טרוו. ־איר, אינסטרואירט.
<איי <ל. אויך: אינסטרוקטירן. אָנווײַזן.
געבן דירעקטיוון, אינסטרוקציעס. א, די
פֿאָרשטייערס ווי אַזוי צו פֿירן זיך. בײַ יוסף
מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל“ד: „
אינשׂטרואירן“. „ווען זי [די תּורה] וואָלט אונדז...
אינסטרואירט ווענן דעם כּוֹ□[ר מיט וועלכן זי איז
מחיי□ דעם בעל־השוֹר“, ש צ. זעצער,... דיני
ממונות און דיני נפֿשות, נ“י 1934 ־ונג.
.

אינסטרואירט — אַדי. די א'ע דעלעגאַציע.
ינסטרומע'נט — דער, ־ן. <איי <ל. פֿטמ אויך: סטרומע'נט. ,וואָס בּויט,. 1. יעדער מין געצײַג, מכשיר וואָס ווערט געניצט בּײַ יעדער מין אַרבּעט. אַ האַק, אַ שער, אַ הובּל, אַן אַקעראײַזן אאַזוו זײַנען א'ן. ,,פֿאָזשאַרנע קאָמאַנדע האָבּן זיך אַ לאָז געטאָן... מיט זייערע סטרומענטן, דער מיט אַ קרוק, דער מיט אַ פֿלאָקן, און האָבּן געאַרבּעט,,, ייִפֿאָל, 1888, No 1.

אינסטרומענטאַ'ל

2. קאָמפּליצירט געצײַג, מעכאַניזם. ,,קיין
א'ן דאַרף איך ניט — אַ האַק, אַ זעג, אַ האַמער
... און אויך די טיר פֿון קאַמער,,, ש פֿרוג,

'מײַן סוכּה'. 3. מעדיצינישער מכשיר, ספּעצ

סאַר אַן אָפּעראַציע. כירורגישע א'ן. „זי נעמט -

אַרויס בײַ דער קימפּעטאָרין די קינד... ניט
ח"ו מיט סטרומענטן... נאָר מיט זיסע רייד",
מ. א. שאַצקעס, 'בילדער פֿון דער ליטע', ייִפּאָל,
1 1882, No. „נישט איבערקליידנדיק זיך...
האָכּ איך שנעל געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן מיט
די א'ן און שנעל צוגעפּאָרן אויפֿן אָרט", א. ז.,
אָ ווידוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909.
4. מכשיר צו מעסטן, וועגן. מכשיר צום
פֿאָרשן. אַפּאַראַט. א'ן פֿאַר אַ כעמישן אַנאַליז.
א'ן צו פֿאָרשן די באַשטאַנדטיילן פֿון אַטאָם.
אַסטראָנאָמישע א'ן.
5. כּלי, כּלי־זמר אַרויסצוברענגען
מוזיקאַלישע קלאַנגען. סטרונע־, בלאָז־, קלאַפּ־א'ן.
עקזאָטישע א'ן. „דשׂ זיבנטי איז חכמת השיר
והניגון, דשׂ איז דיא בוועגן פֿון קולות צו מאַכן
אויף אַלירלייא אינשׂטרומענטין", שאַר, סב/ב.
"זיי האָבן געשפּילט אויף פּײַפֿלעך, צימבלען,
פּײַקלעך, באַלאַלײַקעס און נאָך אַזוינע א'ן",
ספּ, ייִד, קאָלאָניסט. „ווייַבער האָבן ניט געוואַרט
אויפֿן אויפֿשפּיל פֿון די א'ן", ייִט, פּוילן I. „אַ
שפּראַך איז ב אַ שריפֿטשטעלער דער א, אויף

י

-

וועלכן ער שפּילט, — און ווי אַזוי קאָן מען איינרעדן אַ מוזיקער אַז ער זאָל איבערטוישן זיין א,״, שנ, שלום אַש.

6. דאָס וואָס איז ענלעך אויף אַן אינסטרומענט, מעדיום. מיטל. ״דאָס וואָרט — דער א, פֿון דעם פּאָעט,,. מחבר פֿון אבֿן יtראל, מעץ 1766, ב/ב, רופֿט אָן אָט דאָס ספֿרל וועגן נקודות ,,דיזום אינ)טרומענד פֿעהלר אויז צו

ראָטן״.

7. פֿיג. מיטל בכלל. ,,גאָט איז אַן א, פֿון פֿאָלקס גייסטיקער מאָכיליזאַציע — אַן א,, איינז־געשמידט פֿון שטאַנדהאַפֿטיקייט,,, בֿ. ריווקין אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע.

8. אַרכ. דאָקומענט אויף עפּעס צו באַווייזן. שטר־חובֿ. ,,ראָשי המדינה נתנו לי שטר־חובֿ, אינסטרומנט בלע,,ז״, 'פנקס ועד קאָנסטאַנטין,, תּקי״ח.

א'ן־מ אַ כ ע ר — ,,אַלע א'־מ, אין דער וועלט

זענען זייער אָנגעזען און האָבן פּרנסה", ארז, קמ, 28 1868 No.
אינסטרומענטאַ'ל — אַדי. אויך: ־נע, רוסיצ, נר. 1. וואָס ניצט אינסטרומענטן. א'ע טיילן. א'ע מוזיק = אָן געזאַנג, נאָר פֿון אינסטרומענטן. א'ער קוואַרטעט. 2. אַדוו. אַמ. נר. וואָס איז בּאַהילפֿיק אָדער דינט צוליבֿ עפּעס אַ צוועק. אַזוי ווי אַן אינסטרומענט. זײַן א, בּײַם דורבפֿירן אַ רעזאָלוציע.
אינסטרומענטאַ'ל — דער, ־ן. קאַזוס, בייגפֿאַל אין אַלטע אינדאָ־איראָפּעאישע און סלאַווישע לשונות מיטן אָנווײַז אויפֿן אינסטרומענט אָדער מיטל בכלל בּײַם דורכפֿירן אַ טואונג [אין ייִדיש דינט פֿאַר דעם די פּרעפּאָזיציע מ י ט].

אינסטרומענטאַליזם
אינסטרומענטאַליזם — דער, ־ען. שיטה וואָס האַלט אַז דאָס דענקען, טעאָריעס, בּאַגריפֿן זײַנען אין תּוך נאָר אינסטרומענטן, תּכליתדיקע מיטלען וואָס זײַנען נוציק פֿאַרן לעבן מיט זייער צופּאַסן זיך צו די בּײַטעוודיקע בּאַדינגונגען. א, — אַ פֿאָרעם פֿון פּראַגמאַטיזם.
אינסטרומענטאַליטע'ט — די, ־ן. אַמ. נר.

הילפֿמיטל פֿאַרמיטלונג. דאָס וואָס איז
אינ.
סטרומענטאַל, בּ2. ,,דער אַזוי־גערופֿענער
צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די דעמאָקראַטן איז נאָר
אַן א, פֿאַרן פּרעזידענט‟, רייד (נ״י).
אינסטרומענטאַליסט — דער, ־ן. וונ ־ין,
־ס. 1. ווער עס שפּילט אויף אַ מוזיקאַלישן
אינסטרומענט אָדער שאַפֿט מוזיק צו שפּילן
אויף אַן אינסטרומענט. אויך ווער ס'איז
בּאַשעֿ טיקט בּײַם אויסאַרבּעטן אינסטרומענטן.
,,אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט: אַ פֿרעזער, אַן
א,, אַ טאָקער,,, ז. ווענדראָף, מאָוו, היימלאַנד,
2 .1 1962, No. אָנהענגער פֿון
אינסטרומענטאַליזם. דיואי דער א'.
אינסטרומענטאַלקע — די, ־ס. אָפּטייל
אין אַ פֿאַבּריק. ,,די א, (די געבּײַדע וואו עס
ליגן די אַרבּעטס־אינסטרומענטן) איז געלעגן
אײַנגעפֿאַלן‟, י. עמיאָט, פֿאָר, 12 1959 III.
אינסטרומענטאַלשטשֿ יק — דער, ־עס.
וונ ־יצע, ־ס. סאָוו. אַרבּעטער וואָס גרייט צו
אינסטרומענטן.
אינסטרומענטאַציע — די, ־ס.
אַראַנזשירונג פֿון אַ מוזיקאַליש ווערק פֿאַר פֿאַרשיידענע
אינסטרומענטן אין אַן אָרקעסטער. אַ

גראָטענע א..

אינסטרומענטאַריום — דער, ־ס. סכום
אינסטרומענטן אין אַ באַשטימטן אַרבעט־געבֿיט.
„די טעכניק פֿון מעסטן און וועגן כּלערליי
רויןוואַרג... דער א, וואָס ווערט דערבײַ באַנוצט
(וואַטערפֿאַס, וואָגשאָלן, קאַנטער, מענזורל...),
די מעטאָדן ווי זיך צו באַגיין מיט זיי„, יאַכ.
„יעדער מוהל דאַרף איין מאָל אין יאָר
צושטעלן זײַן א, צו דער קאָנטראָל פֿון אַ
דאָקטער אָפּעראַטאָר„, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929.
-

אינסטרומענטירן — טרוו. ־טיר,
אינסטרומענטירט. אַראַנזשירן מוזיק פֿאַר די
אינסטרומענטן אין אַן אָרקעסטער. אָרקעסטרירן.
־ונג — „סײַ די פּאָעטישע אידייען, סײַ די
אײַנפֿאַלן פֿון זייער א, זײַנען
פֿאַרשיידנאַרטיק“, שנ, ה. לייוויק....
אינסטרוקטאַ'זש — דער. ראָכקינד־שקליאַר
ווב. אַרבעט פֿונקציע פֿון אינסטרוקטאָר.

,

סכום אינסטרוקציעס.
אינסטרוקטאָר — דער, ־טאָ'רן. ווב ־ין, ־קע,
־שע, ־ס. <איי <ל. 1. לערער אין אַ

פּראָפֿעסיאָנעלער שול. דער א, אין דער אָרט־שול.
די א'שע אין דער שול פֿאַר שנײַדערײַ. מיט
דעם בּ אויך: אינסטרוקטער — "די
שנײַדער טאָרן ניט נעמען מער פֿון דעם דאָזיקן א"",
ליטוו. 2. לערער בּכלל, אָבער פֿון אַ
נידעריקערן ראַנג. דער ספּאָרט־א, אין דער
מיטלשול. 3. לעקטאָר אין אַ קאָלעדזש וואָס האָט

1311

ניט קיין פּראָפֿעסאָר־טיטל.
אינסטרוקטערײַ.
־(י)אַ'ט — גרופּע אינסטרוקטאָרן אין אַ
(פֿירערשאַפֿט פֿון אַ) לערן־אינסטיטוציע. „די
הויפּט־פֿאַרוואַלטונג ווערט בּאַפֿולמעבטיקט...
צו אָרגאַניזירן אַן א סאַר די בּאַזונדערע
געָ, ־
בּיטן פֿון דער 'טאָז'־טעטיקייט„, טאָז, 1928
20 ׳ I. ־שאַפֿט — 1. פּראָפֿעסיע,
בּאַשעפֿטיקונג פֿאַך פֿון אַן אינסטרוקטאָר. 2. גרופּע
,
אינסטרוקטאָרן.
אינסטרוקטאָריש — אַדי. וואָס איז פֿון,
וואָס האָט אַ שײַכות צו אַן אינסטרוקטאָר.

אָנווײַזעריש. א'ע באַמערקונגען. „דער ד. ד. ק.
[= דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטי] האָט
מסכּים געווען איבערצוגעבן דעם פֿאַרבאַנד זײַן
א'ע אַרבעט„, די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג,
וואַרשע 2 1926, No ־קייט.

.

אינסטרוקטי'וו — אַדי. 1. וואָס גיט וויסן,
(פֿאַך־)קענטעניש. א'ע אָנווײַזונגען. 2. וואָס
העלפֿט אַרויס, ווײַזט אָן. אויפֿטועריש, בויעריש.
א'ע קענטענישן. ־קייט.
אינסטרוקטירן — ← אינסטרואירן. ־ונג.
אינסטרוקציע — די, ־ס. <אײ <ל. 1.
לערנונג. סכום לימודים. א, פֿון דער לאָקאַלער
שול־סיסטעם. 2. אָנווײַזונג, פֿאַראָרדענונג.
געבן, נעמען א'ס. „ווען ישו שיקט זײַנע
שלוחים אָנצוזאָגן די בשׂורה פֿון גאָטס
קעניגרײַך, גיט ער זיי אַ כּמעט־ראַסיסטישע א'„,
גרינ,... טאָגבוך. „די פֿאַרוואַלטונגס־
רעדאַקטאָרן... האָבן גענומען א'ס פֿון יאַצקאַנען„,
מוק, מ▯.נע באַגעגענישן 3 .I. באַפֿעל פֿון דער
מאַבט. א, פֿון דער קאָמענדאַנטור. א, פֿון
שטײַעראַמט. א, פֿון וועד־הקהילות [דאָס וואָרט
א, שוין געניצט אין 1670 אין תּקנות ועד
מדינת ליטא]. 4. אויסבילדונג פֿון רעקרוטן

אין קאַזאַרמע. „די א, איז אַ ביטערע צײַט
פֿאַר אַ יונגן זעלנער". אַמ: אינסטראָקשן.
שפּאַ: אינסטרוקציאָ'ן.

אינסיגניע — די, ־ס. <איי >ל.
אָפּצייכענונג פֿאַר אַ טיטל אָדער ראַנג אין דער אַרמיי,
פֿון אַן אַמט אע.

אינסייד — אַמ. □ 1 . □ :insi(1e. אַדוו.

אינעווייניק. היפּוך פֿון אַוטסײַד, ←. 125. „גייט
אַרײַן א'. וואָס שטייט איר אין דרויסן?", רייד
(נ"י). 2. דער, ־ס. דאָס וואָס איז אינעווייניק.
צופֿוצן דעם א'. „דער א, איז בעסער ווי דער
אײַנדרוק פֿון דרויסן", רייד (נ"י). אַן
אָפּעראַציע אוי□ן א, [— פּרויען אָרגאַן].

—יק — אַדי. „דאָס איז אַן א'יקע גניבֿה".
־ער — היפּוך פֿון אַוטסײַדער ←. שותּף
אָדער אָנגעשטעלטער וואָס זײַן אַרבעט איז אין
פֿאַבריק (וואַרשטאַט) גופֿא. „דער א'ער איז
געווען ערלעך, אָבער דער אַוטסײַדער האָט
געמאַכט זײַטיקע ביזנעס", רייד (נ"י).

אינסינו אירן — טרוו. ־איר, אינסינואירט.
<איי >ל. אָנדײַטן, מרמז זײַן אויף עפּעס
(וואָס איז ניט אמת) מיט דער כּוונה צו

שעדיקן, צו טײַטלען אויף עפּעס וואָס איז
נעגאַטיוו, שלעכט. א, אַ מיאוסן בלבול. א, אַז די

אינסעקט

יִדישע ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט נאָר די
באַוועגונגען פֿון דער יִדישער בורזשואַזיע. א,
א ו י ף עמעצן.
־אַטאָר — ווער עס אינסינואירט, לאָזט
פֿאַלן אַ חשד ־אַציע — ״אָן א'ס אויף
—
.
דריטע פּערזאָנען, בײזערט זיך דער פּרעז ס״,
פּרץ, 'באָנציע שווײַג'. ־אירונג.
אינסינער אַציע — די, ־ס. <איי <ל.
1. אַקט פֿון פֿאַרברענען אַ בר־מינן.
קרעמאַציע. 2. בכלל דאָס פֿאַרברענען עפּעס אויף
אַש. א, פֿון שטאָטישן אָפּפֿאַל ־אַטאָר —
.
אָרט אָדער אַפּאַראַט דורכצופֿירן אינסינעראַציע.
־עיטאָר —דז. אַמ. —ירן — טרוו. ־עי—
טן — אמ.
אינסיסטירן — אוטוו. ־טיר, אינסיסטירט.
<איי <ל.insistir: ק , <. פֿעסט באַשטיין

אויף עפּעס. שטאַרק פֿאָדערן▯ א, אויף אַ
העכערונג אין שׂכירות. א, אויף זײַן אומשולד.
אָפּט געניצט אין לאַטײַן־אַמעריקע. „אינסיסטיר
ניט, כ'וועל דיר נישט פֿאָלגן“, רייד (בּ“א). “זיי
א'... אַז זיי זאָלן פֿאַרבּיטן ווערן מיט אַ נײַער
לייטונג“, די נ▯.ע צײַט, בּ“א, No 342.
אין סעודה בּלי בּשׂר — [איין סודע...
בּאָסאָר] זאַץ. תּח. <לויט פּסחים, קט/א. אין
שׂמחה אלא בּבשׂר ▯. ▯ניטאָ קיין סעודה
אָן פֿלייש', ד„ה אָן פֿלייש איז די סעודה קיין
סעודה ניט פֿרגל: „דאָס בּעסטע מילכיקס איז
.
אַ שטיקל פֿלייש“, שוו. „אונדזערע חכמים זאָגן:
א, ס, בּ, בּ'... און מיר זעען דאָך... ווי
אַבֿרהם אָבֿינו האָט אויפֿגענומען זײַנע געסט“, קמ,
46 1867, No. „כ'האָב געוואוסט אַז א, ס, בּ,
בּ, — אָן ▯לייש הייסט עס ניט קיין מאָלצײַט“,
י. שיינהייט, אַמעריקאַנער▯ 25 ▯1958 II.
אינסעל(י)ט — דאָס & דער. מצ נבּ. פּפֿ: אי'
נצעל(י)ט. אַרכ. ← אונשליט, 808. ←
אינשליט. חלבֿ, פֿעטס אין גוף פֿון בּעלי־חיים.
▯בּ, ח/ב פֿאַרטײַטשט חלבֿ: „אינצליט“. לקח
,

טובֿ פֿאַרטײַטשט 'חלבֿמו סגרו, (תּהלים, יז, 10):
,,זײַן אינ□ליט זי טאָן באַשליסן,, [תּי: "זײער
פֿעט האַרץ האָבן זיי פֿאַרשלאָסן"]. "און, דוא
זולשׂט נעמן פֿון דען ווידר דשׂ אינםtליט און,
דען שוואַנץ און, דשׂ אינשׂליט דשׂ דא בידעקט
דען בויך", טח, שמות, כט, 22 [תּי: □און זאָלסט
נעמען פֿון דעם ווידער דאָס פֿעטס און דעם
וויידל וואָס באַדעקט די אינגעווייד,,]. ,,דאַר
נאָך נאַם ער אַלר לייא עסין שפּײַז, אינ□ליט
און, שמאַלץ...,,, יוסיפֿון□ אַמשט 1□16, יח.
אינסעמינירן — טרוו. □ניר, אינסעמינירט.
<איי <ל. אַרײַנשפּריצן מענלעכן זאָמען
כּדי קינסטלעך שוואַנגער צו מאַכן. ־ונג.
אינסעקט — דער, ־ן. ← אינזעקט. "טיילן
פֿון בוים ו אָס זײַנען געשעדיקט געוואָרן פֿון
□
פֿאַרשיידענע א'ן,,, וואולאך, האַנטביכל פֿאַר
לעדער־אויסאַרבעט, פֿעטראָגראַד 1922. ,,א'ן מאַכן
דורך קערפּערלעכע אומוואַנדלונגען דורך זייערע
לעבנס", ש בלום, דער בוים □ון לעבן, נ,,י
1931. א־וו אַ ק ס. א־וו ע ל ט. א־פֿ ר ע ־
ס נ ד י ק. א'ן־פּ ר ע ס ע ר — קליין חיהלע

אינספּיציע'נט

וואָס נערט זיך דערעיקר מיט א'ן. ס'איז אַ

א'אָגראַפֿיע — ווּיסנשאַפֿט וואָס באַשרײַבט פֿאַרצווײַגטע פֿאַמיליע. ▯i(1ae▯a▯[▯]▯Myrme.

און קלאַסיפֿיצירט די אינסעקטן. א'אָלאָ— גיע — ווּיסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט די אינסעקטן און זייערע אייגנשאַפֿטן. א'אַריוס, א'־ אַריע — אינסטאַלאַציע אין אַ לאַבאָראַטאָריע אָדער אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אויפֿצוזאַמלען אַלערליי מינים אינסעקטן פֿאַר אָבסערוואַציע און פֿאָרשצוועקן. „אויב בײַ אײַך אין א אַריום

'

האָבן זיך אויסגעשיילט ווינציק לאַרוועס, קלײַבט זיי אָן א▯ן דער נאַטור„, יאַכ.

א'יסיד, א'יציד, א'אָסיד, א'אָציד— גיפֿטיקער שטאָף (פֿליסיקייט אָדער פּודער) אויסצוראָטן אינסעקטן. די־די־טי אאַ. „בריטישע ווּיסנשאַפֿטלער האָבן געפֿונען שפּורן פֿון ▯

אַר

□

□

שיידענע מינים גיפֿטיקע א'אָסידן אין פּשוטע
רעגנוואַסער,,, וואָלף יונין, סמז, 1965 X 10.
אינספּיצ יע'נט — דער, ־ן. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
(טעאַטער) בינע־פֿאַרוואַלטער, געהילף פֿון
רעזשיסער. דער א, באַזאָרגט די טעכנישע
אויסשטאַטונג פֿון דער בינע און היט אַז דאָס
אויפֿטרעטן פֿון ד אַרטיסטן זאָל זײַן אין דער
י

ריכטיקער צײַט. ,,די טרופּע האָט שוין געהאַט
אַן אייגענע פֿאַרוואַלטונג, אַ דירעקטאָר, אַן א,
אאַ", י. שאַצקי, ייִבל XXI, 310. ־ירן —
דורכפֿירן די פֿונקציעס פֿון אַן אינספּיציענט.
אינספּיראַציע — די, ־ס. <איי <ל. '
אײַנאָטעמונג'. 1. פּסיכישער פּראָצעס פֿון
אויפֿרודערונג און געהויבנקייט, וואָס העלפֿט עס

זאָלן אויפֿקומען נײַע געדאַנקען, נײַע
געדאַנקען־אַסאָציאַציעס, מע זאָל דורכגענומען ווערן
פֿון אַ שטאַרק געפֿיל, זײַן גרייט צו
אַחריותדיקע מעשׂים. פּאָעטישע א'. א, פֿון אַ
וויסנשאַפֿטלער. א, זיך צו באַטייליקן אין אַ
דעמאָנסטראַציע. „קונסט איז פֿאַר אים אַלץ אָ
טיפֿערער קוואַל פֿון א, ווי פּאָליטישער קאַמף“,
שנ, י▯ד, שרײַבער אין סאָוו, פֿאַרבאַנד.

2. באַגײַסטערונג, התלהבֿות, אונטער אַ השפּעה פֿון אַן איבערמענטשלעכער מאַכט, רוח־הקודש, עלית־נשמה. רוח־הנבֿואה. [דאָס וואָרט א, ווערט געוויינלעך ניט גענוצט בשײַכות מיט טראַדיציאָנעלע ייִדישע באַגריפֿן, נאָר אין פֿאַרבינדונג מיט אַ וועלטלעכן באַנעם און בײַם איבערגעבן דאָס וואָס ניט־ייִדישע נאמנות נעמען אָן ווי רוח־הקודש.] „און די אָרגלס שפּילן, און די גלעקער קלינגען, און מע שעפּט און שעפּט אין הייליקייט די א,,,, אַל ▯II, 'אַווע מאַר אַ,.
י

אינספּיר▯ירן — טרוו. ־ריר, אינספּירירט.

1. וועקן אינספּיראַציע. באַגײַסטערן, מעורר זײַן. א, צו תּשובֿה. א, מע זאָל זײַן גרייט זיך

מקריבֿ צו זײַן. „ס'איז תּמיד גוט צו וויסן וואָס
פֿאַר אַ מין געטער עס באַשיצן דײַן שׂונא
און א, אים״, גרינ... טאָגבוך. ״קריטיק, וועו
זי וויל זײַן שעפֿעריש, מוז אינספּירירט ווערן
פֿונעם שרײַבער, איידער זי ווערט אַ קוואַל פֿון
אינספּיראַציע״, שנ, קריטיק און קריטיקער.
״די זעקסטאָגיקע מלחמה האָט אינספּירירט דעם

1312

ייִדישן מענטש אין דער גרױסער וועלט„, רייד
(נ״י 1967).
2. דערוועקן, שטויסן צו נײַס (אויפֿן שטח
פֿון מעשׂים, געדאַנקען, געפֿילן). משפּיע זײַן,
באאײַנפֿלוסן. א אַן אויספֿאָרשונג, אַ ווײַטע
,

-

נסיעה. א, מע זאָל זיך פֿאַרטראַכטן איבער
עפּעס. א, די ייִדישע יוגנט זיך צו באַרײַכערן
מיט ייִדיש וויסן.
-אַטאָר — ווער עס אינספּירירט. -

אַציאָניסט — ווער עס זעט אין (זײַן) רעליגיע
דערעיקר דעם כּוח פֿון אינספּיראַציע און גיט
צו ווייניק חשיבֿות צו אירע אינסטיטוציעס.
־ירט — א'ע פּאָעמע. א'ע העלדישע מעשׂים.
א'ע געדאַנקען. „די קאָרטן־וואַרפֿערין... א, פֿון
בּיליקן צייל אָן־טיי,„ עק. ־קייט.
אין ספּע — ל. (סטוטש). אין דער האָפֿענונג.
ווען ניט איז שפּעטער, אין אַן אומבּאַשטימטער
צײַט. זײַן א, ס, — זײַן שוואַנגער.
אינספּעקטאָר — דער, ־אָ'רן. וונ ־ין, ־קע,
־שע, ־ס. <איי <ל. אויפֿזעער, בּאַאַמטער
אָדער אָנגעשטעלטער וואָס זײַן פֿונקציע איז צו
קאָנטראָלירן אָדער רעווידירן, אויפֿצופּאַסן אַז
אַ טעטיקייט זאָל דורכגעפֿירט ווערן אין הסכּם
מיט אַן אײַנגעשטעלטער פּראָגראַם, לויט אַן
אָנגענומענעם פּלאַן, לויט געזעצן אָדער
פֿאַראָרדענונגען פֿ נאַנץ־א'; אַרמיי־א'; פּאָליציי־א';
.'
שול־א, אע. „די ייִדענע איז בּאַלד
איבּערגעגאַנגען מיטן אינספּעקטער [פֿטמ] אויף דו"
פֿײַוול
,
סיטאַ, אָט דאָס זײַנען מיר, כּאַרקאָוו־קיִעוו 1932.
־(י)אַט — 1. אַמט פֿון אינספּעקטאָר.

2. גרופּע אינספּעקטאָרן. 3. אינסטיטוציע פֿון אינספּעקטאָרן אין אַ מיניסטעריום. ־סקע — אַדי. סל. מיט ביטול. „ער גיט אַ שמעק מיט זײַן א, נאָז און זאָגט אַז די זייף איז פֿון
-
אויסלאַנד“, ימ צײַט, שאַוול 1924. ־שאַפֿט — 1. באַשעפֿטיקונג פֿון אינספּעקטאָר. 2. גרופּע אינספּעקטאָרן.
אינספּעקטור — 1. דזוו
אינספּעקטאָר(י)אַט. 2. בנין אָדער ביוראָ וואו עס
געפֿינען
זיך די אינספֿעקטאָרן.
אינספּעקטירן — טרוו. ־טיר, אינספּעקטירט.
דורכפֿירן ד אַרבעט פֿון אַן אינספֿעקטאָר.
קאָני
טראָלירן, רעווידירן, איבערקוקן. נאָכזוכן, פֿאָרשן. אַכטונג געבן. א, דאָס פֿלייש וואָס מע פֿאַרקויפֿט. א, שולן.
אינססעקציע — די, ־ס. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אינספּעקטירן. „ניט אָפּ היבן [דעם מת] בלי אינשפֿעקציע מהרופֿא“, 'תּקנות דחברה קדישה... אַשכּנזים האללאנדי באַמשטרדם,, תּק„ע.

אין ספק מוציא מידי וודאַי — [איין
סאָפּעק מויצי מידיי וואַדייַ] זאַץ תּח. <פּסחים, ט/א; עבֿודה זרה, מא/ב. אַ ספֿק נעמט ניט
,
אַוועק (איז ניט מבֿטל) בײַ אַ זאַך דעם כּוח פֿון וודאַי פֿון באַשטימטקייט'. [תלמודישער
,
כּלל: אויבֿ לגבי אַ זאַך קען מען אָנווענדן אַ ספֿק און אַ וודאַי — פֿסקנט מען לויטן וודאַי, סײַ לחומרא סײַ לקולא. למשל: אויבֿ אין אַ געכּשרטער שטובֿ האָט מען געזען אַ ווייזל

אין עוד

אַרײַנשלעפּן אַ שטיק ברויט, איז דער ספֿק —.. טאָמער האָט זי עס אויפֿגעגעסן — ניט מוציא פֿון וודאַי — חמץ. מע דאַרף, בכן, בודק חמץ זײַן נאָכאַמאָל].
אינסצעניזIירן — ← דווו. ־אַטאָר.
־אַציע [די פֿאָרמען געווען פֿאַרשפּרייט אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות].
אינסצענירן — טרוו. ־ניר, אינסצענירט. <איי

<ל. 1. אויפֿפֿירן אויף דער בינע. צוגרייטן
אַ פּיעסע אָדער אַ פֿילעם סצענעסוויַיז. „דער
סימבאָל פֿאַלט אַרויס און עס ווערט אויפֿסנייַ
אינסצענירט די גרויסע טראַגעדיע“, קאָר II.
2. איבעראַרבעטן פֿאַרן טעאַטער אַ ווערק וואָס
איז לכתּחילה געשריבן געוואָרן אין אַ
ניטדראַמאַטישער פֿאָרעם. א, ט▯.ה דעם מילכיקער.
א, יאָשע קאַלב. ־ונג — “עס זײַנען געשפּילט
געוואָרן אַ סך א'ען פֿון פּרצעס מעשׂהלעך“,
מוק, פּרץ און דאָס ייִד, טעאַטער. ־ער.
אינסקרי▯בירן — טרוו. ־ביר, אינסקריבירט.
<איי <ל. 1. אָרײַנשרײַ▯ן, אײַנגראַווירן.
א אַ פֿערז פֿ[ון דיכטער אויף זײַן מצבֿה. א, די
,
נעמען פֿון די מנדבֿים אויף אַ טאָוול. 2. (
געאָמעטריע) אַרײַננעמען, אַרײַנצייכענען. א, אַ
קוואַדראַט אין אַ קרײַז. 3. פֿאַרשרײַבן עמעצן
ווי אַ סטודענט אין אַ העכערן לערן אַנשטאַלט.
-
אימאַטריקולירן. “... וואָס האָט אין יאָר 1663
אינסקריבירט מעדיצין [אין פֿראַנקפֿורט אָדער]„,
-

י. שיפּער, טאָז, וואַרשע 10 l929, No־11. מיט
ז י ך — א, זיך אויף (אין) דעם מעדיציניש
פֿאַקולטעט. —פּציע ־בּירונג — פּראָצעס

,

אָדער רעזולטאַט פֿון אינסקריבּירן. אַ
גײַסטרײַכע א'פֿציע.
אינעגאַ'ל — ← אומעגאַל (ז, 611). דזוו
אומגלײַך (545).
אין עוד — [איין אויד (אָד)] פֿראַזע. תּח.
<דברים, ד, 39. ,מער איז ניטאָ, [דער סוף
פֿון פֿסוק: וידעת היום... כּי השם הוא
האלוהים... א, ע']. געניצט ווי אַן אויסדרוק
צו בּאַצייכענען אַחדות־הבּורא (־.). ,,דער
קאַרלינער רבּי ר, אַהרן האָט געזאָגט: עס שטייט
'וידעת היום'... דו זאָלסט הײַנט וויסן, אַז
דער בּורא־עולם איז אונדזער בּאַשעפֿער, א, ע, —
און מער איז ניטאָ וואָס צו וויסן,,, מנשה
אונגער, טמז, 7־)19 I ־ו 11.
...... מלבדו — [... מילוואַדוי] זאַץ. תּח.
<דברים ד, 35. [דער סוף פֿ־ן פֿסוק: אַתּה
הראית לדעת כּי השם הוא האלוהים, א, ע, מ'.]
'מער אַחוץ אים איז ניטאָ', תּי. 1. יסוד פֿון
חבּ״דער וועלטבּאַנעם, על־פּי תּניא, אַז דער

איינציקער ממשותדיקער יש אין דער וועלט איז בלויז געטלעכקייט און אַז דער גאַנצער בּאַשאַף ציט זײַן חיות נאָר פֿון דעם. אַלדאָס אַנדערע חוץ געטלעכקייט איז אַן אָפּדאַכטעניש.
2. איר. ווי אַן אויסדרוק פֿון פֿאַרריסנקייט. 'ניטאָ זײַן גלײַכן'. „ער האַלט פֿון זיך אַן עולם ומלואו, ער מיינט א, ע, מ'“. 3. ווי אַן אויסדרוק פֿון בּאַדויער, אַנטוישונג, אויך איר. ,חוץ אים איז נאָך קיינער ניטאָ'. „א, ע, מ, — אַחוץ

אי'נעווייניק

דעם לעקטאָר (רעדנער, בּעל־תּפֿילה, חזן אע)
איז נאָך קיינער ניט געקומען„.
אי'נעווייניק — [וורר אויך: איניי'וועניק] אַדוו.
פֿרגל: אינווענדיק. 1. היפּוך פֿון: דרויסנדיק;
א י ן אַן אַרומצוימונג, אַרומבּוי. א, אין הויף, שטובּ, בּית..מדרש אאַזוו. א, איז ליהודים. בּ פֿאַרטײַטשט 'פֿנימי, — „אינן וויניג“. „זאָלסט זי [די תּיבֿה] אויספּעכן פֿון א, און פֿון אויסווייניק מיט פּעך“, תּי, בּראשית, ו, 14. „איין אשה מוז נאָך מיין ציכטיג זײַן אַז זיא זאָל אימר צו הויז בּלייַבּן אינן וויינוג“, עפּש, עץ חיים, קיצור של„ה, לבֿובֿ?, יאָר? „ווײ צו דער שטובּ, וואָס

דאָס פֿײַער בּרענט א'", שוו. [— פֿײַער פֿון

קריגערײַען, שׂנאה.] „דעם מענטשן אַרײַנשטעלן א, אין דעם גאָרטן אַרײַן", נחב, 'מעשׂה מבּן־מלך ובן־שפֿחה'. „... מײַן בּײַדל, בּאַהאָנגען פֿון בּיידע זײַטן מיט ציצית, קמיעלעך און א, שמאָכטעס, פּעקלעך ספֿרים„, ממוס פֿישקע.

,

2. אין אָן אָרגאַניזם. אין דעם אינעווייניקסטן לעבּן. אין אַ מעכאַניזם. „עפּעס טאָרעט מיך א'„. „די כּוֹחות וואָס קוואַלן אַרויס פֿון אונדז א,". „אַ פֿאַרבּאָרגענע ליבּשאַפֿט א, אין האַרצן". אַן עקסטאַז וואָס גליט א'. אַ 'רעוואָלוציע, א, אין בּויך. „שיין פֿון אויסנווייניק און צעפֿוילט א,". אויסווישן דעם שטויבּ אין דעם זייגער א.. „זאָגט ער נאָר מיט דעם מויל, אָבּער א, איז ער פֿול מיט רמאות", טעיאַטאָר. „ועסנע־צײַט בּאַדעקט ער זיך מיט בּלעטער... ניט צו דערקענען אָז א, איז ער נעבּעך פֿויל„, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „גלײַך ער וואָלט נאָך קינדווײַז ... אײַנגעשלונגען אַ שטעקן, און דער וואַקסט א, מיט אים צוזאַמען„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. *עס ווערט פֿאַרקילט א, דער מאַמעס מילך — פֿון גרויס שרעק.

3. פֿון דער זײַט וואָס קעגן דער
דרויסנדיקער. ,,דער צודעק פֿון אָרון איז פֿון א,
אויסגעבֿעט מיט זײַדנס,,. ,,דאָס שיפֿל איז אויך
פֿון א אָפּגעשמירט מיט סמאָלע,,. ,,זאַל איין

איטליכר זער גיוואָרנט זײַן דז ער זײַן הענד
זאָל וואול וועשן אינן וויניג אונ אויש וויניג,,,
לט 1, קמ/א.
4. קוקנדיק אין ספֿר, בּוך אע. ,,... די
פּרווּוערס [וואָס דער מחותּן שיקט] זאָלן אים זאָגן
אַז איך קאָן טויזנט בּלאַט גמרא אויסנווייניק,
כאָטש איך האָבּ נישט געקאָנט איין בּלאַט גמרא
א'“, אַ□רהם יצחק בּוכבּינדער..., דער
בּלומען־גאָרטן, ווילנע 1885.
סובּ — דער. מצ נבּ. דער א, פֿון דעם
מענטשן. אַרויסוואַרפֿן דעם א, פֿון הויז. ,,ער פֿילט
אין דעם אַ מין פֿאָלקישן א',,, לל, איק, ר,,ה
תּשכ“ה.
־דיק — אַדי. ,,די אויגן פֿאַלן צו פֿון א'ער
היץ“, אָקרוטני, ממז, 6 □ 1953 III.
־יקייט — “די מצוות זײַנען די א, פֿון דעם
רצון־העליון בּ,,ה“, תּניא, שה. ,,די טונקעלע א'ן
פֿון די בּוידן,,, ייִט, פּוילן II.
אינעווייניקסט — אַדי [נאָר אין דער

לענגערער פֿאָרעם]. היפּוך פֿון אויסווייניקסט,
→ 231. 1. היפּוך פֿון דרויסנדיק. וואָס

1313

איז א י ן , אין מיטן פֿון אַ באַשטימטן אָרט,
שטח. די א'ע בלומענטעפּ. א'ע באַפּוצונגען.
א'ער א ו י ע ר (ּ . 388). א'ע זשאַבּרעס. א'ע
ו ו י נ ק ל ע ן אין דער געאָמעטרישער פֿיגור.
א'ע גראַמען אין דער שורה גופֿא. א'ע בּייגונג
וואָס קומט פֿאַר א י ן דעם וואָרט. א'ע
סימעטריע. א'ע פֿערמענטירונג, אָן צוגאָב פֿון אַ
שטאָף וואָס זאָל די פֿערמענטירונג אַרויסרופֿן.
א'ע לעכער אין אונטערשלאַק. א'ער ה אַ נ ד ל
אין די גרענעצן פֿון לאַנד גופֿא. "די בּײַדלעך
פֿון טעפּער — זײַנען די א'ע חייבֿ און די
אויסווייניקסטע פּטור,,, זרעים, פֿט/ב.
2. וואָס איז א י ן אַ גרופּע. א'ע שׂונאים
פֿון פֿאָלק. א'ע ראַנגלענישן צווישן פֿאַרשיידענע
עלעמענטן. "ליגט ניט אין אָט דעם קאַמף פֿון
א'ע היפֿבים די אורזאַך פֿון דער ייִדישער
אומרו,,, זשיט II, נ"י 1912.
3. וואָס איז א י ן אַ סיסטעם, שיטה. די
א'ע סתּירות אין אַ שיטה. ,,מע קען דאָ גרינג

דערזען אַן א'ע לאָגיק,,. ‘‘די צען ספֿירות פֿון
אצילות וועלכע נידערן אַראָפּ דורך אַ שטאַרקע
פֿאַרקלענערונג... און ווערט אָנגערופֿן א'ער
אור‘‘, תּניא, דיג.

4. וואָס איז אין גע□יל־לעבן, אין רוחניות.
דאָס פֿאַרבאָרגענע, דאָס אינטימע. די א'ע נאַטור
(דאָס א'ע לעבן) פֿון אַ מענטשן. ער הערט אַן
א'ע שטים. די א'ע שפּראַך פֿון געדאַנק. דאָס
א'ע ליכט. דורכגעגומען פֿון אַן א'ער התלהבֿות.
א'ער ווייטיק — ניט קיין פֿיזישער. ,,אינן
ווינגשׂטי (יראה) איז ער פֿאָרכט... האָט איין
ליבשאַפֿט צו הש,,י,,, עח, ב/ג. ,,דער ים געפֿילן
אין האַרצן נעמט זיך פֿון טויזנטער קוואַלן,
א'ע און אויסווייניקסטע, חוץ אים‘‘, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,קען אויסגעשטימטקייט דעפֿינירט
ווערן פֿאַרקערט: ס'איז די א'ע באַפֿרידיקונג
פֿון אַ מענטשן מיט זײַן פלאַץ אין דער סבֿ□בה,,,
מ□ו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
־קייט — ,,די פּסיכאָלאָגיע פֿון
ביהייוויאָריסטן פֿאַרנעמט זיך נאָר מיט דעם מענטשנס
דרויסנדיקייט, ניט מיט זײַן א',,.
אין עונשין אלא אם־כן מזהירין — [איין
אוינשין עלאָ אימקיין מאַזהירן] זאַץ. תּח.

>לויט סנהדרין, נו/ב: 'לא ענש אלא אם־כּן הזהיר,, תּורה תּמימה, שמות, כ, 10. מע באַשטראָפֿט ניט סײַדן מע האָט פֿריִער געוואָרנט, ד״ה עס האָט שוין פֿון פֿ ר י ע ר געדאַרפֿט זײַן אַ געזעץ וואָס ▯אַרווערט דעם אַקט, פֿאַר וועלכן מע קלײַבט זיך געבן די שטראָף. אַ פּרינציפּ אַז קיין געזעץ קען ניט זײַן רעטראָאַקטיוו. נאָר ווען מע האָט פֿריִער בפֿירוש געוואָרנט: 'טו עס ניט, — קען קומען די שטראָף פֿאַרן אָפּטאָן.

אין עושׂה טובֿ אין גם אחד — [... אויסע טאָוו... גאַם עכאָד] זאַץ. תּח. >תּהלים, יד, 3. 'קיינער טוט ניט קיין גוטס, ניט צומאָל איינער', תי. געניצט מיטן בּ: ניטאָ קיין איינער קיין רעכטער.

אינעם — צונויפֿשמעלץ פֿון א י ן פּלוס ד ע ם.

,,דאָס וואָרט א, מויל איז אַ האַר, פֿונעם מויל

אין עסיק און אין האָניק

איז עס אַ נאַר“, שוו. ,,א, קליינעם, ענגן שטיבל, א, גרויסן רײַכן זאַל — קוויקט און פֿרישט זײַן וואַסער: ביבל הייסט דער... קוואַל“, פֿרוג I, 'משה רבינוס קבֿר'. ,,אומשולדיקע

שולד... טרינקט זיך א, אַנגסן־שווייס,,, בראָד, גש.

אינען — [לאַנגע י] געניצט אַנשטאָט א ײַ ד. פֿון פּראָ ז יי. ,,נימט [= קיינער ניט] האָט אָפּט אין בריוונשטעלערס פֿון 19. י"ה. ,,נעמט נישט פֿאַר אומגוט פֿרײַלין... די שנײַדערין

—
,

דאַרף א'", אָפּאַ, אַליין.

אינען — [לאַנגע י] אַרכ. אַקוזאַטיוו & דאַטיוו פֿון פּראָ ז יי. ,,נימט [= קיינער ניט] האָט קיגן אינן דז מויל אויף גישפּאַנט", ווינץ. "איך בין צו אינן גוועזין איין פֿאטר אונ, ראָש ישיבֿה", כּ,,י ,מגילת איבֿה', 1703. ,,מיט אינן איך וויל אויך ווערן איין גזאַמלט צו טאָן תּפֿילה", מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קכד/ב. "אונ זיי האבין ניט גיהערט צו אינן אונ האבין אויש גשפּאָט...,,, תּחנות ובקשות, דיהרנפֿורט 1790.

אינען — אַדוו. דזוו דערין, דערינען, אינעווייניק. בײַם אָפּלאַכן פֿון אַ כּלומרשטן קענער: "אויסן — וויניק, א, — גאָרניט" פֿוו . "זוך

. ,

עס ניט דרויסן, עס ליגט א,", רייד (פֿון אַ פֿרוי, געבוירן 1837). אינען־דרינען, אינע־ דערינע — בײַם שפּאַסן, בײַם אָפּלאַכן פֿון

עמעצן וואָס זוכט און קען ניט געפֿינען (בּריסק). „דער אַ רויז גשטנדן וואַר צד דען אינן שטיט“, פֿראָגער מבּ [אַווע III, 71 ▯].

אינען וערן — צגוו. נייטראַל. אַרכ. געוואָר ווערן. „ווערט עשׂ שאול אינן, מײַן לעבּן מושׂ איך לון„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 282.

אין עני אלא בּדעה — [איין אָני עלאָ בּעדייע] זאַץ. תּח <נדרים, מא/א. נאָר דער איז אָרעם וועמען עס פֿעלט וויסן (שׂכל, קענטעניש). „בּאַדויערט מיך ניט, א, ע, א, בּ'„.

אין עניות בּמקום עשירות — [... אַנִייעס בּימקוֹים אַשירעס] זאַץ. תּח. <שבּת, קב/ב. 'ס'פּאַסט ניט, עס שיקט זיו ניט אָרעמקייט וואו ס'איז פֿאַראַן (דאַרף זײַן) רײַכקייט'. גענוצט מיט בּבּ: א) מיט קליינע השׂגות זאָל מען ניט צוגיין צו אַ גרויסן פּלאַן; בּ) בּײַם טאָן אַ מצווה דאַרף מען זײַן בּרייטהאַרציק; ג) בּײַם לעבּן אין וואוילטאָג זאָל מען ניט זײַן איבּעריק אויסגערעכנט; ד) מע זאָל דינען דעם אייבּערשטן דורך רחבֿות און גדלות, ווײַל דאָס דינען דעם אייבּערשטן אין דחקות קומט פֿון דער סיטראָ אַחרא — לויט דעם ריזשינער רבּין.

אין עסיק און אין האָניק — אַדוו פֿראַזע.

1. דזוו אין זיס(ן) און אין זויער(ן). קאָכן

א, ע, א, א, ה'. אַן אויסגעצוואָגענער [=
אויסגעווייקטער] הערינג א, ע, א, א, ה'. „אַ שוואָרן,
אויסגעקאָכט א, ע, א, א, ה', האָט אויך אַ
טעם„, שוו. צונג, פֿלוימען א, ע, א, א, ה'. 2. איר,
בּיז גאָר אויסגעפּוצט אויף אַ שרײַאיקן אוֹפֿן:
זיך אָנטאָן (גיין אָנגעטאָן), זיך אויספּוצן, זיך
אויססטראָנצלען אע א, ע, א, א, ה'. „די מויד
איז געווען אויסגעסטראָיעט א, ע, א, א, ה'„,
הערץ בּערגנער, ,בּאַנקראָט'.

אינעפֿאַבּי'ל

אינעפֿאַבּי'ל — אַדי. <איי <ל. וואָס מע
קען (טאָר) ניט אויסדריקן אין ווערטער. א'ע
געפֿילן. דער א'ער נאָמען פֿון גאָט.

אין עסרון ההיתי — [... עפֿרוין האַכיטי]
גאַליציע. אין די אויסדרוקן: א) זײַן א, ע,
ה, = ליגן גוט אין דרערד; בּ) האָבּן א, ע, ה, =
האָבּן אין דער אַדמה, אין דרערד. [בּײַ עפֿרוֹן
החתי האָט אַבֿרהם אָבֿינו אָפּגעקויפֿט די

מערת־המכפּלה, □I. בּראשית, כג.]

□

אין עצה ואין תבונה — ← אין חכמה ואין
תּ□ונה....

אין עצם — [עצעם] זוו. בּעצם, אין תּוך פֿון
דער זאַך, אויף אַן אמת. „א, ע, איז ער ניט
קיין שלעכטער, ער איז נאָר אַ בּרוֹגזער„. „דײַן
מיטל איז א, ע, ניט קיין שלעכטער“, פֿרוג II.
“א, ע, זײַנען אַלע מאַטעריאַליסטן קעסערס
פֿון דעם אינטעלעקטואַליזם“, קאָר I.

אין עק וועלט — אדוו. גאָר ווײַט, אין אַ
ווײַט און פֿאַרוואָרפֿן אָרט. וואוינען א, עק וו',
הינטער כאַנדרישישעק. אַוועקפֿאָרן א, עק וו',
אין אַן אַרגענטינער קאָלאָניע□ “נעמען ייִדעלעך
און רירן זיך פֿון אָרט, אַ טייל שלעפֿן זיך
אַוועק ווײַט א, עק וו'“, ממוס, אַ שטאָט אין
,

מזדח'.

אין עקסטענסאָ — ל. אינגאַנצן, בּאַריכות.

ציטירן א, ע'.

אינעקספּרימאַ'בל — אַדי. <ר. דזוו

אומאויסדריקלעך (., 514). ,,דיא א'ע פֿריידי פֿר נומן“, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תצ,,ד.

אינער — אַדי. דטשמ. דזוו אינערלעך.

אינעווייניקסט. א'ע פֿראַגע. א'ע אָנגעלעגנהייטן. א'ע קראַנקייטן. א'ע סימנים. מלל פֿאַרטײַטשט וקרבֿ איש, (תּהלים, סד, 7): ,,דשׂ אינרי“ [תּי: ,,די אינעווייניקייט,,]. ,,דײַן אויסשטראַלונג איז דאָס, דײַן אוראַלטע א'ע שטים“, אַל II, 'נאָכן

-

פֿאָגראָם'. ,,איין ורוייא די ניט ווייש אובֿ זי טרוגט אודר ניט. די זול עשׂין דשׂ אינערשע פֿון איינר וועלשן נושׂ...“, 'כּ,,י ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. ,,דײַן א'עס בּרענט ווי צונטער“, מ. חאַשקעס, לידער ונ'ם הערצן, קראָקע 1888. א'פֿאַרטייאיש.

אינערסט — סופּערלאַטיוו, בּ אויך דזוו אינער. ,,דען ר דערבּטן אַלשׂ די אייסרשׂטי און, דיס מיטילשׂטי און, דיא אינרשׂטי [מויערן]“, יוסיון, אַמשט 1661, שלב/ב. ”יענע

קונסט לעבט... אין וועמעס א, קעמערל עס
קלאַפּט דאָס מענטשלעכע האַרץ״, איבֿז, מאַקס
ריינהאַרד, מענטש־וויסנשאַפֿט I, נ״י, אַפּריל
1930.

אין ערגעץ ניט — אַדוו ראַזע. אין קיין

שום אָרט ניט. „אַ ייִד ווערט א ע, נ, פֿאַרפֿאַלן״;
״מיט תּורה ווערט מען א, ע, נ, פֿאַרפֿאַלן״,
שוו. ״מע קען זיך א, ע, נישט אַרײַנטאָן פֿאַר
מלחמה,,, מס, קהלת תּקע,,ט, ח, 8. ״קיין
געבֿראָטענע טײַבֿעלעך האָט מען פֿאַר אונדז א,
ע, נ, אָנגעגרייט״, זשיט IX, נ,,י 1919. „א, ע,
האָט מען נישט אַ חוזר־על־הפּתחים

אַוועקגע1314

שיקט אַזוי רײַך באַשאָנקען״, בער האָראָוויץ,
'דער גלגול'.
אינערהאַלבֿ — אַדוו & פּרעפּ. דטשמ. נר.
אינעווייניק, אינמיטן. אין פֿאַרלויף פֿון. א אַ
,

יאָר. א, פֿון דער באַוועגונג.
אינערווייניק — ← אינעווייניק. [א, בײַ אַ

צאָל שרײַבערס פֿון פֿד מחמת דעם אומקלאָרן
אַרויסרייד פֿון ־ער אין ניט אַקצענטירטע

טראַפֿן.] ,,די זינד! א, שטיקן זיך פֿלאַמען!,,, פּרץ,
'אין פֿאָליש אויף דער קייט'. ,,זאָל מען כאָטש
נישט אַרײַנקוקן אין מײַן לעבן א',,, ווײס I ,
'ווי דער גורל פֿירט'.
אינערווירן — טרוו. ־וויר, אינערווירט.
סטימולירן (דורך) די נערוון. אויך: נערווירן. א,
עמעצן. א, די בלוט־צירקולאַציע. —ונג —
,,ניט געהעריקע א, פֿון די בלוטגעפֿעסן אויפֿן
קאָפּ“ פֿגעז, ווילנע 9 1937' No־10.

,
אינערוועגן — אדוו. פּר. אינעווייניק, אין
דעם אינעווייניקסטן לעבן. ,,א, בין איך לאַנג
אַריבער א בערן מורה־נבֿוכים,,, פּרץ,

זכרונור[....
אינע'רט — אַדי. <איי <ל. 1. וואָס האָט
ניט אין זיך קיין אינעווייניקסטע קראַפֿט זיך
צו באַוועגן. א'ער שטאָף. א'ע מאַסן. 2. וואָס
האָט ניט די אייגנשאַט באַווירקט צו ווערן פֿון
אַן אַנדער שטאָף. אַן א'ער עלעמענט. א'ע גאַזן.

3. וואָס האָט ניט קיין ווירקונג בכלל. אַ
כלומרשטער, אַן א'ער היילמיטל. 4.
אומבאַוועגלעך. אַפּאַטיש, פּאַרגליווערט. זײַן אַקטיוו
און דערנאָך ווערן א'. אויך —יש — „די
טעכטער האָבן זיך אויך געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון
דעם אַלטן א'ן קרײַז פֿון חסידיש־גבֿירישע
משפּחות“, ייִט, טאָג, 1957 III 3. ־(יש)־
קייט — די א, פֿון אַ גרופּע.
אינערלעך — אַדי. אַרכ. פֿאַר הײַנטצײַטיקן
ייִדיש — דטשמ, אָפּט געניצט. אינעווייניקסט.
היפּוך פֿון אויסערלעך (←, 300). א, געפֿיל.
א'ע פּראָבלעמען. „זיא אונ, איר קינד זאָלן ניט
גשעדיגט ווערן ניט... אַן אינירליכה (איבֿרים)
אונ, ניט אַן דיא אייסרליכה (איבֿרים)“, עפּש,
סידור תּפֿילות, אַמשט תּק“ח. „... דריטנס,
דער אינרליכה הויכמוהט מיט זיך זעלבשׂ טין“,
ס ר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ“ט. „אינרליך
האָט ער זײַן רמאות„, משה אײַזענשטאַט, איבֿז,
דרך הישר לאַבן בוחן, 1746. „נאָר אין אַן א'ן
גײַסטיקן אויסוואַקסן„, ייִט, פּוילן י. א'ע
ב ל אָ ק אַ ד ע — סיסטעם פֿון בלאָקירן די
שפּײַזקאַרטן פֿון דער גאַנצער משפּחה, אויב אַ
גערו ענער האָט זיך ניט געשטעלט צום

טראַנספּאָרט. לאָדז ער געטאָ. דאָס א'ע. ־קייט
— „זײַן א, זאָל זײַן אָנגעפּילט מיט ליבשאַפֿט“,
תּניא, 54.

אין ערן האַלטן — אַרכ. דזוו האַלטן אין
כּבֿוד. “וועו נון איינר פֿון זײַנם (חבֿר) לערנט
... איין פּסוק... ער אין מוז א, ע, ה,,,,
תּ לה למשה.. , דעסוי 1696, קכט/א.

אינערן־מיניסטער — דער, ־ס, ־סטאָ'רן. וונ
־שע, ־ס. מיניסטער וואָס איז דער ממונה

אין פּוצה פּה

איבער די אינעווייניקסטע ענינים פֿון אַ מדינה
(אָרדענונג אין לאַנד, פֿאַרוואַלטונג פֿון מלוכהשע
לענדערײַען אע). פֿרגל אויסערן־מיניסטער (←
300) ־יוס.

אינערס — דאָס, (־ן). פּד. פֿעטס אַרום
געדערים פֿון עופֿות. פּלאָסטן. א, פֿון אַ גאַנדז
אע. „שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ קאַפּהאָן!
זעסט, בלויזע א', עס וועט קיין עין־הרע זײַן
איבער אַ קוואָרט שמאַלץ“, אָפּאַ, 'דינען גאָט'.
אויך: אינערן — די, מצ.

אינערסלעט — ← הינערפּלעט.

--

אין ערסאַרונג קומען — צגז אוטוו. אַרכ
זיך דערוויסן. צו וויסן קריגן. ,,אַזוא מן מעכט
אין ער פֿאַרונג קומן דאשׂ א, [אחד] מקהלתינו
מעכט עובֿר זײַן בּמזיד...“, 'פּנקס קהלת
אה“ו', כּרוז כב תּפ,,ד [ייִבֿל XXXIII].
אינערציע — די. בא. <איי <ל 1. (פֿיזיק)
אייגנשאַפֿט פֿון אַיעדן קערפּער צו בּלײַבּן אין
צושטאַנד פֿון רו אָדער גלײַכמאָסיקער
גראָדליניעדיקער בּאַוועגונג, סײַדן אַ דרויסנדיקע
קראַפֿט ווירקט אויף דעם. “דער ערשטער און
וויכטיקסטער פֿון די מעכאַנישע גרונטגעזעצן
איז דער א'־געזעץ, וועלכער זאָגט אַז יעדער
קערפּער קאָן פֿון זיך אַליין, אָן אויסערער
קראַפֿט, קיינמאָל נישט איבּערגיין פֿון רו־
צושטאַנד אין אַ בּאַוועגונג“, גוטנ.
2. געוואוינשאַפֿט, רוטין. דאָס פֿעלן פֿון
געזעלשאַפֿטלעכער קראַפֿט, פֿון גײַסטיקער
ענערגיע. אייגנשאַפֿט פֿון טראַכטן און פֿון טאָן אויף
אַן אײַנגעשטעלטן אופֿן, אָן שינויים און נײַסן.
גײַסטיקע א'. אומקריטישע פּירונגען על־פּי א'.
בּ ר ע כ ן די א'. ,,ייִדיש איז ניט נאָר געווען

א, וואָס האָט זיך אָנגעזען שטאַרקער ווי אין
אַמעריקע“, מוו, ייִבל 1 ,II ⌷X. „עס איז די
טראַגעדיע פֿונעם שעפֿערישן יחיד, ווען ער שטויסט
זיך צונויף מיט דער א, פֿון דער סבֿיבֿה„, שנ,
דערציילערס און ראָמאַניסטן I. „עס קומט אַ
צײַט ווען אידייען ווערן ⌷אַרגליוווערט... און
זינלאָז. זיי עקסיסטירן בלויז דורך א'„, קאָר II.
אינערשט — אַדי. ארכ. אינעווייניקסט. מ⌷t
⌷פֿאַרטײַטשט 'אַל החצר הפנימית, (אסתּר, ד,
11): „די אינרשטי„ [תּי: „אין
אינעווייניקסטן...„]. „דשׂ הויז דז אינרשט צו קודש
הקדשים“, טח, פּקודי, הפֿטורה.
אין עשׂה דוהה לא תעשׂה — [איין עסע
דויכע לוי'סעסע] זאַץ. תח. <לויט יבֿמות, ג/ב.
די מצווה ט ו איז ניט דוחה, שטופּט ניט אָפּ
דאָס געבאָט ז אָ ל ס ט נ י ט ט אָ ן. אַ
געבאָט שאַפּט ניט אָפּ אַ פֿאַרבאָט. [למשל: די
מצווה 'כּבד את אבֿיך ואת אמך, (שמות, כ, 12)
איז ניט חל, אויב די אייגענע עלטערן הייסן
טאָן אַן עבֿירה.] „ער גיט צדקה און גיט פֿאַלשע
וואָג און איז עובֿר אויפֿן א, ע, ד, לא ת,“.
אין סוצה פּה (ומצפֿצף) — [איין פּויצעפּע,
אומצאַפּצעף] זאַץ. תּח. <לויט ישעיה, י, 14.

קיינער עפֿנט ניט דאָס מויל און גיט ניט קיין
פּיפּס, ד"ה קיינער דערוועגט זיך ניט צו זאָגן
אַ וואָרט קעגן אַן עוולה, אַ קריוודע; קיינער
פּראָטעסטירט ניט. „דער שטאָט־תּקיף

שאַלטעאין פורענות באֿ(ה) לעולם

וועט, און קהל — פֿאַרשוויַיגט, א, פּ, פה„. „א,
פּ, פֿה — קיין האָן האָט אַפֿילו ניט קיין קריי
געטאָן", פֿוול. „אָרעמע קינדער, יתומים גיט
מען אָפּ, און א, פּ, פה„, בוקי בן יגלי, יי֯אָל,
.No '1887 32
֯ן פּורענות בא(ה) לעולם אלא
בשל עמי־האַרץ — [... פוראָניעס...
לאָאי
֯י
אוילאָם עלאָ בישוויל אַמיי האָאָרעץ] זאַץ. תּח.
<בבֿא בתרא, ח/א. אומגליקן קומען אויף
דער וועלט איבער אַמעראַצים, ד„ה אומוויסן,
פֿאַרגרעבטקייט ברענגט אומגליק.
אין פּיאַטע—דזוו אין דער לינקער פּיאַטע ←.
אין פינטל (אַריַין) — געוויינלעך מיטן
ווערב ט ר ע פֿ ן. אין סאַמע וויכטיקן פּונקט.

אין ציל. אין צענטער. אין עצם. אין תּוך פֿון
דער זאַך. אָט די פֿראַגע (טענה, אײַנווענדונג
אע) טרעפֿט (איז) א, פּ, (אַרײַן).
אין פּנים (אַרײַן) — געוויינלעך מיט די
ווערבֿן: ז אָ ג ן , אַרײַנזאָגן, ענטפֿערן,
פֿאָרוואַרפֿן אע. אין די אויגן. דירעקט קעגן דעם
מדובֿר, וואָס װעגן אים רעדט זיך עס. זאָגן
דעם אמת א, פּ, אַ.. וואַרפֿן צוריק די
באַשולדיקונג א, פּ, אַ'. "שפּײַ אים א, פּ, און ער
זאָגט אַז עס גייט אַ רעגן" פֿוול. ,,הוט זיא
,
משיבֿ גיוועזט, יוא איך וויל אימשׂ אין זײַן
פּנים זאגין..."‚ ר, שמשון בכרך, חוט השני,
סימן נ. מיטן ווערבֿ ש פּ ר י נ ג ע ן — זײַן
חוצפּהדיק לגבי עמעצן. ,,פֿאַרן יצר־הרע טאָר
מען נישט אַנטלויפֿן... שפּרינגען אים א, פּ,
אַ, און אים שלאָגן מיט זײַנע אייגענע רצועות",
אַש, תּהילים־ייִד.
אין פּערסאָנאַם — ל. 1. פּערזענלעך,
אַליין. צוזאָגן צו שיקן אַ פֿאָרשטייער, אָבער
דערנאָך קומען א, פּ,. 2. (יוריספּרודענץ)
קעגן אַ באַשטימטן מענטשן, ניט קעגן זײַן
אייגנטום.
אין פּרץ ואין צווהה — [איין פּערעץ וועאַיין

צוואָכע] זאַץ. תּח. <תּהלים, קמד, 14. 'קיין
בּראָך און קיין ווייגעשריי,, תּי. ס'איז שטיל
און רואיק, מע הערט ניט קיין פּראָטעסט. אַ
מצבֿ פֿון א, פּ, וא, צ'. "שאַ, שטיל, מע הערט
ניט קיין פּיפּס, א, פּ, וא, צ,,,. ,,האָט מען שוין
כמעט אין אַלע שטעט חבֿרות... מיט
סטאַטוטן, און עס איז, בּרוך־השם, א, פּ, וא, צ,
(קיין געשריי),,, ייִפֿאָל, 50 1887, No.

אין פֿאָל אָ — ל. אין פֿאָרמאַט פֿון אַ בּויגן,
ְ
געפֿאַלדעוועט אין צווייען. א, פֿ, ווי דער ווילנער
ש"ס.

אינפֿאַ'ם — אַדי <איי <ל. שענדלעך.
געמיין. "עס האָט זיך אויסגעוויזן... דאָס עס
איז געווען א'ע ליגנט,,, א. בּ., מ▯ ▯tר ישועה,
וואַרשע 1900. אָפֿט געניצט אין שפּאַניש־
רעדנדיקע לענדער. —יע — שענדלעכקייט.

אינפֿאַ'נט — דער, ־ן. <איי <פֿר. 1. קליין
קינד, עופֿעלע. 2. טיטל פֿאַר די קינדער פֿון
די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע קעניגן (חוצן
-
עלטסטן). וונ — אינפֿאַנטע. ־יש — אַדי.
א'ע אַמנעזיע.

אינפֿאַנטי'ל — אַדי. 1. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אינפֿאַנט, ← דפֿוו, ב1. א'ע
קאָנוואולסיעס. „דאָס אומוויסיקע אין פּסיכישן
לשון איז דאָס א'ע„„ מוו איבז, פֿרויד,
פּסיכאָאַנאַליז. „די דיכטער וואָס האַלטן זיך נאָך אַלץ
אין איין פֿאַרוויגן מיט א'ע וויגלידער אויף דער
עלטער„„ יג, אין תּוך I. א,־פּאַראַליז =
פּאָליאָ(מיעליט). 2. קינדיש. קינדעריש. שטאַרק
צוריקגעשטאַנען אין גײַסטיקער אַנטוויקלונג. “דער
פֿעטער... איז געווען... א, נײַגעריק“, ייִט,
פּוילן I. ־קייט — „דורכגעמאַכט אַ סאָרט
גײַסטיקן צוריקטריט צו א'“, באַש, 'אַ שיף קיין
אַמעריקע,. אויך. ־יש ־ישקייט.

, .

אינפֿאַנטיליזם — דער, ־ען. 1. (מעדיצין)
אומנאָרמאַלער צושטאַנד פֿון אינפֿאַנטילקייט.
זייער בולטע צוריקגעשטאַנענקייט אין פֿיזישער,
אינטעלעקטועלער אָדער עמאָציאָנעלער
אַנטוויקלונג. „די בייזע ווירקונג פֿון חלומות זײַנען
מערניט א'ען„„ מוו איבז פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז.

,

“בײַ פּס ▯ כאָנעוראָזן... בײַם מאָטאָרישן א,

מיט און אָן אינטעליגענץ־דעפּעקטן...“, טאָז,
2 .12 1930, No. שטריך פֿון אינפֿאַנטילקייט.
„די א'ען אין... 'קאָנסעקוועטן, מאַרקסיזם„,
גרינ'... טאָגבוך.
אינפֿאַנטי ◌ סי'ד — דער, ־ן. פּפֿ. ־ציד. <איי
—
.
<ל. 1. מאָרד פֿון אַן עוֹפּעלע אָדער
עוֹפּעלעך בײַם געבוירן ווערן אָדער אַ קורצע צײַט
דערנאָך. 2. מערדערײַ פֿון עוֹפּעלעך.
אינפֿאַנ ◌ טעריע — די. בא. <איי <איט.
פּ(י)עכאָטע. אָפּטייל פֿון אַרמיי וואָס באַשטייט
◌ פֿון פֿוסגייערס. „קעגן אַ פּאַר הונדערט
בעליבתּים, באַוואָפֿנט מיט שטעקענעס און שטיינער,
איז ניט נייטיק געווען אַרויסצושיקן אַ גאַנצע
אַרמיי מיט אַרטילעריע, קאַוואַלעריע און א,“, א
קמ, 33 1865, No ־טריסט פֿוסגייער
—
.
אין אַרמיי.
אין פֿאַסאָ'ן — אַדוו פֿראַזע. אין דער מאָדע.
„יעטוועדערער איז הײַנט אָפּגעפּלעפּט ווײַל דער
שווינדל שטייט א, פֿ'„, מ. שלײַפֿשטיין, דער
באַנקראָט, וואַרשע 1884. *שטעלן זיך א, פֿ, =
אויספּײַנען זיך, אַרויסשטעלן זיך. געבן צדקה,

כדי מע זאָל רעדן וועגן דעם און זיך שטעלן
א, פֿ,.
אינפֿאָרמאַ'ל — אַדי. פּפֿ. ־על. דזוו אוכד
.
פֿאָרמעל, ← 630. „ס'איז געווען אַן א'ער
קבלת־פּנים, אָן שום צערעמאָניעס„. ־קייט.
אינפֿאָרמאַ'נט — דער, ־ן. וונ ־ין, קע, ־ס.
ווער עס אינפֿאָרמירט. זשורנאַליסטן זאָגן ניט
אויס ווער עס איז געווען דער א'. א, פֿון דער
געהיים־פּאָליציי. „אין עטלעכע בלאָקן גיט מען
איבער וועגן עקספּערימענטן, וואָס געווי זיי
באַשרײַבן זײַנען די א'ן ניט בכּוח„, מוו, ה
טלערס פּראָפֿעסאָרן.
אינפֿאָרמ אַציע — די, ־ס. <איי <ל.
[־אַציאָ'ן, נר] 1. נײַס, ידיעה וועגן אַ
פּאַסירונג, געשעעניש (אין סאָצ אַלן לעבן, אויפֿן
גערכיט פֿון קונסט, ליטעראַטור אע). א, פֿון
ערשטן קוואַל. אָביעקטיווע א'. פֿאַלשע א'.
קאָנטראָלירטע א'.

-
אינפֿאָרמירן

2. וויסן ווי אַ רעזולטאַט □ון אָבּסערווירן,
לייענען, לערנען. פֿאַרמאָגן א, אויף פֿאַרשיי□
דענע געבּיטן. „אָט די דאָזיקע א, וועט מאַכן
אַ סוף צו לײַכטזיניקע פּוסקים, וואָס
פֿאָר...
מולירן... מיינונגען אַז שפּראַכפֿאָלקלאָר איז
עפּעס ,פֿאַרגליווערטס'“, י. טשערניאַק, ייִשפּ
XX□I, 3. א אַגענטור. א,־בּיוראָ. א,־בּוך.
י־
־אַטאָר — דער, ־ס, ־אָ'רן. וונ ־ין, ־שע, ־ס.
ווער עס גיט אינ□[אָרמאַציע. אַ געוויסנדיקער א'.
-

„עס פֿעלן נישט אויף דער וועלט קיין א'ן,
קיין אונטערטראָגערס... ווען עס האַנדלט זיך
בײַ שידוכים“ פֿאָר, 1 1961 III. „דשׂ זײַדן
ווערמליין... וויא גשווינד איזט זעלבּיגשׂ אין זײַנה
ווערק... צו דיזום האָט עשׂ קיין אינפֿרמאטר
גהאבּט“, הבּחור חנוך בּר, צ□י הירש סג“ל,
אגרת בּעלי חיים, הענא l718. ספּעצ ווער עס
ענטפֿערט אויף אַנקעטעס אָדער אויס□רעגונגען.
־אַטיוו — אַדי. וואָס גיט אינפֿאָרמאַציע.

אַן א'ער באַריכט. א'ע ▯אַרזאַמלונג. ,,קיין שום

-

-

דערציִערישע כוונות קאָנען ניט האָבן קיין
פעולה אָן א'ע מאָמענטן,,, ח. בעז, אונדזער דור
מוז אַנטשיידן.

▯

אינפאָרמירט — פאַר, אַדי. אַן א'ע
פֿערזאָן. ,,... בכל בתי כנסיות דקהלתנו פה
פֿראָג... דרוקן צו לאזין דאַמיט זיך יעדער
מבני קהלתנו... אינפֿורמירט זײַן זול“, '
פראָגער תקנות וועגן לוקסוס, [ייִבל I, 4]. ,,קאַן אַך
זײַן דשׂ לײַט זײַן אין דר זאַכן אַך ווישׂן שאַפֿט
האבן, דאָך אין זעלכי זאַכן זײַן זיא ניט אַלי
אינפֿערמירט,,, בית י▯ראל, אַמשט 1723.

־קייט — „אַ רעזולטאַט פֿון ניט גענוג א,
אָדער ניט גענוג דורכגעטראַכטקייט“, מוו, ייִבל
.XXI, 255

־

ינסאָרמירן — טרוו ־מיר, אינפֿאָרמירט.

.

געבן צו וויסן. איבערגעבן אַן אינפֿאָרמאַציע.
א, וועגן דער זעקסטאָגיקער מלחמה. א, וועגן
די נײַע פּלענער פֿאַר אַ ברייטער קולטור־אַקציע.
א', נישט איבערקײַען אַלטע געדאַנקען. „און'...
זאָל ווײַטער א, וואו החסיד האָט התינוק אַהין
גיטאָן“, 'כּ„י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669
[פֿש III, 264]. „אין אונדזער געזעלשאַפֿט דאַרף
די צײַטונג ניט נאָר א, און אויפֿקלערן, נאָר
אויך אונטערהאַלטן“, בצג, טמז, 22 1965 II.
מיט ז י ך — זיך א, וועגן די לעצטע
געשעע י טן אויפֿן פֿראָנט. „ער זאָל זיך א, און אַלי

,

דיא אָקטי של משפּט... מתּחילה ועד סוף
איבר זעהן“, „כּ״י וועגן מעצער עלילת־דם',

1669 [פֿש III, 273]. ,,איך וויל איַיך דא בּיַיא
אַסורירן דז איר איַיך מושׂט לוזין א',,, איין
שין ניַיא קוריעס שפּיל ליד, אופֿין בּאַך [תע,,ט].
,,אַלזו פֿר לאָז מיך אַלשׂ דוא דיך אינפֿערמירן
ווערשׂט ווען...,,, ייִד, בּריוו 18. י,,ה, 1761
]□□□□□□. □□□h□□□□Mh h□h□ו□□□ .
□, □□□□c□□, □
□] □[.
אינפֿאָרמיר אַגענטור. אינפֿאָרמיר־בּיוראָ.

אינפֿאָרמיר־בּוך.
—ונג — ,,זאָל ער אינפֿאָרמירן אונ, קיין פּסק
געבּין זולת דיא אינפֿרמירונג למלכות יר״ה
איבּר שיקן,,, 'כּ,,י וועגן מעצער עליל□־דם', 1669

אינפֿאָרמע'ל

[פֿש III, 280]. ־ער — ווער עס אינפֿאָרמירט.
אויך מסור.
אינפֿאָרמע'ל — אַדי. דזוו אומפֿאָרמעל, ←
630. ־קייט.
אינפֿוזאָד□יע — די, ־ס (ס'רובֿ אין מצ). <איי

<ל.   (זאָאָלאָגיע) פֿשוטסטער בעל־חי, געזען נאָר אונטערן מיקראָסקאָפּ. א'ס געפֿינען זיך אין אָפּפֿאַל־וואַסער, זומפּן און אין צעפֿאַל און צעפֿויל פֿון אָרגאַנישע שטאָפֿן. „זיי באַוועגן זיך אין איי־אויפֿגאָס, דעריבער הייסן זיי טאַקע אויפֿגאָס־בעלי־חיים אָדער א'ס„, דר, איסעל איבּז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע „ לעגט ער געפֿינען אין די אויפֿגוסן די דאָזיקע קליינע חיהלעך און זיי אַ נאָמען געגעבן אויפֿגוס־חיהלעך“, דר, אַהרן פיק פֿגעז, ווילנע 1927, No 11־12.

,

“קליינע שוועסטער א', שוואַרצער ברודער האָטענטאָט! אַלע אײַלן מיר צום אויפֿלייז, צום גלגולים־אויפֿלייז — גאָט!“, צײַט I, ,
גלגולימליד'.   ־יש — אַדי.

אינסוזיע — די, ־ס. <איי <ל. (מעדיצין)
1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿרן אַרײַנלאָזן אין אַ װענע בלוט אָדער בכלל אַ נייטיקע צעלאָזונג פֿאַרן פּאַציענט.   2. פֿיג. דאָס אַרײַנגעבן אַן אידייע, אַ געדאַנק. אַן א, פֿון הײַנטצײַטיקע

געדאַנקען אין מוחות פֿון אָפּגעשטאַנענע.

-

אין סוס — <סל. בײַם גײן מיט אַ גרופּע, שטעלן גלײַכצײַטיק יעדן טראָט און מיט דעם זעלביקן פֿוס. גײן, מאַרשירן א, פּ, ווי זעלנערס.

אינפֿילטרIאַציע — די, ־ס. <איי <ל.

1. פּראָצעס פֿון דורכגײן דורך אַ פֿילטער.
2. (מעדיצין) פּראָצעס פֿון בהדרגהדיקן אַרײַנדרינגען אין די געוועבן פֿון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם (דורך די פּאָרעס) פֿון אַ שטאָף וואָס איז די סיבה פֿון אַבנאָרמאַלקייט אָדער קראַנקייט. א, פֿון אומנאָרמאַלע סובסטאַנצן. "אַ באַדײַטנדיקע ראָלע אין דער אַנטשטייאונג פֿון אַזאַ פּריצײַטיקער א, שפּילט... די רעאינפֿעקציע", טאָז, 7 1930, No־8.
3. (אומבאַמערקלעכער, פּאַמעלעכער) אַרײַנקום פֿון פֿרעמדע עלעמענטן אין אַ לאַנד, לאַגער, גרופּע אע. א, פֿון אומלעגאַלע אימיגראַנטן. א, פֿון שפּיאָנען אין לאַגער פֿון שׂונא.
4. אַרײַנדרינגונג פֿון אַ נעגאַטיווער השפּעה. זײַן דורכגעפֿרעסן מיט נאַצישער א'. „דער וועג פֿון א, און ביסלעכווײַזער אַסימילאַציע אין דער

אַרומיקער סבֿיבֿה איז געווען אינגאַנצן
אוממעגלעך", בן־אַדיר, דאָס נײַע לעבּען, נ"י, דעצ,
.1911
אַ(נ)ט — דער, ־ן. 1. סובּסטאַנץ (

אייטער, סערום אאַ) וואָס זאַפּט זיך אײַן אין
לעבּעדיקע געוועבּן. „אַזאַ פֿריצײַטיקער א,
בּאַווײַזט זיך אַלס אָנצינדונג־פּראָצעס", טאָז, 1930,
No 7־8. 2. ווער עס כאַפּט זיך אַרײַן, גנבֿעט
זיך אַרײַן אין אַ פֿרעמדער מחנה אָדער גרופּע
בּכלל. א'ן אין שׂונאס לאַגער, אין דער
קעגנערישער פּאַרטיי.
־ירן — טרוו ־ריר, אינפֿילטרירט. א,
קאָנטראַבּאַנד, אומלעגאַלע ליטעראַטור. א,
געווער פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד. א, נײַע אידייען. „די

1316

שפּראַך אַסימילאַציע שאַנעוועט קיינעם ניט און
-
אינפֿילטרירט אומעטום, אָפֿטמאָל אויך אויף אַן
אומדירעקטן אופֿן„, מאר, ייִשפּ 3 ,I□X. מיט
ז י ך — „זיי בּאַנוגענען זיך מיט א, זיך אין

פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע קרײַזן,, פֿאָרויס,

—

,

מעקסיקע, פֿעבֿ, 1963. ־ירונג. ־ירלעך
— אַדי. וואָס מע קען אינפֿילטרירן.
אינפֿיני'ט — אַדי. אומענדלעך (←). ספּעצ
אין מאַט וואָס איז גרעסער פֿאַר יעדער
שטײַגנדיקן קוואַנטום. א'ע גרייס.
אינפֿיניטי'וו — אַדי & סובֿ. <איי <ל.
(גראַמ) פֿאָרעם פֿון ווערבֿ וואָס באַצייכנט נאָר
די טואונג (דעם מצבֿ), אָן אָנווײַז אויף
פֿערזאָן, צײַט אָדער מאָדוס. “מיר קענען סתּם
אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון דער טואונג און נישט
אָנווײַזן מער גאָרנישט, [האַבן מיר] דעם א'ן
אופֿן”, ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921. דער א, אין
ייִדיש ענדיקט זיך אויף ־ן (למשל: זאָגן, מאַכן,
וואַשן; נאָך בֿ און פּ קלינגט עס ווי מ — לעבן,
כאַפּן) אָדער ־ען (ווען דער שטאַם פֿון ווערבֿ
ענדיקט זיך אויף אַ וואָקאַל, דיפֿטאָנג, מ, נ, נג,
נק און אַ טראַפֿיקן למד: רוען פֿליִען, בויען,

,

נייען, באַנײַען, קומען, וואוינען, ברענגען,
טרינקען פֿידלען). ווען דער שטאַם פֿון ווערבֿ
ענ,
דיקט זיך אויף ־ע און דער ווערבֿ געהערט צו

דער צווייטער קאָניוגאַציע, קומט אייגנטלעך צו
בלויז ־ן, הגם מיר זעען פֿאַר זיך ־ען:
פֿלאַנכען, מוטשען, סטראַשען, קוואַקען, האָדעווען,
גנבֿען. אין לד קומט צו ־ענען: טשעפּענען,
פֿלאַנכענען. א'ן ניט לויטן כּלל: זײַן, טאָן,
זען, גיין, שטיין פֿאַרשטיין, וועלן, וויסן, געבֿן.

,

מיטן א, שאַפֿן זיך אַ צאָל ווערבֿאַלע פֿאָרמען:
איך וועל (דו וועסט...) זאָגן, זאָל איך זאָגן,
איך וואָלט זאָגן, איך פֿלעג זאָגן, איך טו זאָגן,
איך האַלט אין (איין) זאָגן.

צווישן אַ פּולבֿאַטײַטיקן וואָרט און אַן א, וואָס
ציט זיך צו אים קומט דער פּאַרטיקל צ ו — אַ
מיטל צו שוויצן, אינטערעסאַנט צו באַשרײַבֿן,
אָנגעזאָגט צו קומען אאַזוו. נאָך די מאָדאַלע
ווערבֿן: דאַרפֿן, מעגן, קענען, (ניט) טאָרן, אויך
נאָך: הייסן, העלפֿן, וועלן, ענדיקן (אָפּט אויך
נאָך אָנהייבֿן), לערנען (זיך), ווי אויך נאָך
עטלעכע אַנדערע (מיט דיאַלעקטישע
באַזונדערקייטן) — קומט ניט קיין צ ו. דער א, דינט
ווי אַ סובֿ. „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן
לאַכן“, שע.

ווען דער ווערבֿ איז טראַנזיטיוו, קומט אויך
נאָכן א, דער דירעקטער אָבֿיעקט: דאָס בויען

דאָס הויז, דאָס לערנען דעם ספֿר, דאָס (אָנ)פֿירן די חבֿרה. [דער א, האָט סינטאַקטישע סימנים פֿון צ וו ייִ וואָרטקלאַסן: אי פֿון ווערבֿ, אי ▯ פֿון סובֿסטאַנטיוו. קען ער צוזאַמען מיטן גערונדיוו און פּאַרטיציפּ צוגערעכנט ווערן צו אַ באַזונדערן וואָרטקלאַס — ווערבֿיד.]

אינפֿיניטעט — די, ־ן. < איי <ל. דזוו אומענדלעכקייט, ← 613.

אי'נפֿיניטעסימאַ'ל — אַדי. אומענדלעך קליין; וואָס דערנענטערט זיך צו נול. א'ע גרייס. א'ע קוואַנטיטעט. א'ער קאַלקולוס.

אין פֿלוג

▯ ▯ ▯

אין סינסן, אין סירן — אַזוי ווי אין דרײַען ←, אָבער די אײַנטיילונג איז אין פֿינף, אין פֿיר טיילן. אויך: זאַלבעפֿינפֿט (זאַלבעפֿיפֿט), זאַלבעפֿערט.

□

אינסיצירן — טרוו. ־ציר, אינפֿיצירט. פּפֿ:
-

אינפּעקטירן. <איי <ל. איבּערגעבּן
דורך אַן אינפ[עקציע. אָנשטעקן (מיט אַ
קראַנ□
קייט). א, ראַצן מיט אַ ווירוס. אינפּיצירט
— אַדי, פּאַר. ,,קינדער מיט א'ע הויט, אויגן
און אַנדערע אָרגאַנען,,. ־קייט.

□

אינסיקס —דער, ־ן. <איי <ל. אַרײַנשטעל,
אַ□יקס וואָס קומט אין מיטן שטאַם פֿון וואָרט.
[די נקודות בײַ די אותיות פֿון די שרשים אין
לשון־קודש זײַנען א'ן. אין 'בּריוונטרעגער, איז
נ ניט קיין סימן פֿון מצ, נאָר קען בּאַטראַכט
ווערן ווי אַן א'. אין אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן מיטן
ס אין מיטן דאַרף מען דעם ס בּאַטראַכטן ווי
אַן א', למשל: אַרבּעטסטאָג, קאַמפּסּפּעאיק.]
אין פֿלאַגראַנטי פֿראַזע. ל.)

יוריספּרו

דענץ) 'בּײַם אונטערצינדן,. אויפֿן אָרט פֿון
פֿאַרבּרעכן; בּײַם בּאַגיין אַ פֿאַרבּרעכן. כאַפּן
דעם גנבֿ א, פּ, (דעליקטאָ), ד"ה בּײַ דער האַנט.
אינפֿלאַמ אַציע
— די, ־ס. <איי <ל. (
מעדיצין) אָנצינדונג. בּראַנד. געשווילעכץ מיט
לאָקאַל־געהעכערטער טעמפּעראַטור, רעזולטאַט
פֿון אַ וואונד אָדער קאָנטוזיע. —ירן — טרוו.
אינפֿלאַצ יע — די, ־ס. <איי <ל. '
אויפֿבּלאָזונג'. מצבֿ פֿון אומבּאַלאַנס אין דער
עקאָנאָמיע פֿון אַ לאַנד, ווען דער יקרות אויף
פּראָדוקטן און רוימאַטעריאַלן וואַקסט מחמת די
וואַלוטע אין צירקולאַציע פֿאַרלירט איר
אײַנגעשטעלטן ווערט. היפּוך: דעפֿלאַציע. א, בּעת
און נאָך אַ מלחמה. „ווי אומגעריכט די א, איז
געקומען, אַזוי אומגעריכט יז זי אַוועק, מאַרקן
זײַנען געוואָרן טײַער", ייִז,... קאָרנאָווסקי.
־יאָנאַ'ר — אַדי. וואָס בּרענגט, העלפֿט
צו דער אינפֿלאַציע; וואָס איז באַראַקטעריסטיש

פַאר אינפֿלאַציע. א'ער קרעדיט ־יאָניזס —
.
שיטה, ריכטונג וואָס האַלט אַז אַן אינפֿלאַציע
וועט מיטהעלפֿן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג
פֿון לאַנד ־יאָניסט ־יאָנירן — בכיוון
. .
דורכפֿירן אַן אינפֿלאַציע.
אינפֿלאָרעסצע'נץ — די, ־ן. <איי <ל.
(באָטאַניק) פֿונאַנדערבליאונג אַרום אַן אַקס, אַ

שטענגל. אויך אַן איינציקע בלום. פֿאַרשיידענע
א'ן.
אץ פֿלוג — אַדוו & זוו פֿון אויבנאויף, לויטן
.
ערשטן אײַנדרוק, ניט אַרײַנטראַכטנדיק זיך.
לכתחילה. א, פֿ, איז עס אַ גוטער תּירוץ (
גאָרניט קיין תּירוץ). א, פֿ, איז עס אַ קאָמפּלימענט,
אָבער ווען מע צעקײַט עס.... א, פֿ, ווײַזט זיך
אויס אַז..., אָבער ווען מע באַטראַכט זיך....
א, פ, מסכּים זײַן. „א, פֿ, איז שוין רעכט, נאָר
דאָס איז אָבער פֿריקרע, האַרב אַפֿ[ילו,„
גענאַרטע וועלט, 1815? "אַפֿילו די גראָזן וואָס
זײַנען דין און ניט געברויכלעך א, פֿ', האָבן

יעדערער פֿון זיי אַ באַזונדערן מלאך", ר, י־
ראָל ממינסק, אר עולם, ווילנע 1865, ז, 78.
„די מעשׂה וואָס איך בין דאָ אויסן איך צו

אינפֿלוענצע

דערציילן איז א, פֿ, אַן אַלטע", ממוס, 'די אַלטע
מעשׂה'. קומט מיט: ג ע נ ו מ ע ן — „א, פֿ,
ג, זעט עס אויס קרום„..
אינפֿלוענצע די, ־ס. אויך: אינפֿלוענ—

לו. <איי <איט. [דער
נאָ--
ציע. אויך די פּ
מען פֿון אַסטראָלאָגישער זיכערקייט אָז די
קראַנקייט ווערט אַרויסגערופֿן פֿון דער
ווירקונג פֿון הימלשע קערפֿערס.] אָנשטעקיקע
קראַנקייט, אַרויסגערופֿן פֿון אַ ווירוס, מיט אַן
אָנצינדונג אין די אָטעם־קאַנאַלן, מיט פֿיבער
און מוסקל־ווייטיקן. דזוו גריפּע. „א, אָדער
גריפּע איז אַ קלעפּיקע קראַנקייט, וואָס איז
אומעטום פֿאַרשפּרייט, טרעפֿט אין יעטוועדער
עלטער און הערט ביי אונדז קיינמאָל ניט אויף„,

צש פֿגעז, ווילנע 1925, No l2. ,,אין יאָר 1918

איז דורך גאַנץ אייראָפּע דורכגעגאַנגען אַ
כוואַליע פֿון א', די אַזוי־גערופֿענע 'הישפּאַנקע',,,
פֿגעז, ווילנע 1 1923' No. ,,בּאָשיץ דײַן פֿאָלק...
פֿון הייסע קלעפּ פֿון קאַלטע צרות פֿון א,,

פֿון מסירות,, פֿרוג II. ,,אויף דער
אינטעליגענ,
ציע זאָל קומען די א"', ווערטל. ?>
אינפֿלעקIסיע, ־ציע — די, ־ס. <איי <ל.
בּייגונג. 1. איבּעראַנדערשונג פֿון טאָן און
אקצענטירונג פֿון דער שטים, הייבּ און אַל

פֿון דער שטים בּײַם רעדן. אינטאָנאַציע.
2. (גראַמ) יעדער שינוי אין שטאַם פֿון וואָרט
בּײַם דעקלינירן אָדער קאָניוגירן און אויך
יעדער צוגאָכּ צום שטאַם (בּײַ בּייגפֿאַל, מין, צאָל,

פֿאַרגלײַכגראַדן, פֿערזאָן, צײַט מאָדוס אע),
למשל: העכער פֿון הויך, לאהן פֿון לאה,
טאַטנס פֿון טאַטע, ישובֿניצע פֿון ישובֿניק, קעלבל
פֿ ן קאַלבֿ פּיס פֿון פֿוס אאַזוו. 3. (מאַט)

,
שינוי אין אַ קרומער ליניע פֿון קאָנקאַוו צו
קאָנוועקס און פֿאַרקערט. א,־פּ ו נ ק ט ־

טי

רן — א, דעם סובֿ, דעם אַדי.
אינפֿעק ציע — די, ־ס. <איי <ל.
אָנשטעקונג. אָנשטעקעניש. קראַנקייט, אַרויסגערופֿן
דורך בּאַקטעריעס, ווירוסן פֿונגוסן, אין אַ טייל

,
פֿון לעבעדיקן אָרגאַניזם. אַן (אַ ניט קיין)
ערנסטע א'. הויט־א'; נירן־א, אאַזוו. א'־אָפּטייל
אין אַ שפּיטאָל. „צווישן די היימלאָזע איז אַחוץ
די א'־קרענק אויך פֿאַרשפּרייט הויטקרענק„,
פֿגעז, ווילנע 7 1923, No־8.
־טיוו, ־ציעז — אַדי. „מיקראָבֿן ניט
קיין א'ציעזע זײַנען נאָך פֿאַר זיך אַליין נישט
שעדלעך פֿאַרן קינד“, פֿגעז, ווילנע 4 1938, No.
־ציאָניסט. ־ציאָנעל.

־טירן — טרוו. אויך: אינפֿעסטירן, נר.
„כאָטש עס זײַנען באַקאַנט פֿעלע וואו [דער
לעבער־וואָרעם] האָט אינפֿעסטירט דעם הונט, די
קאַץ און ענלעכע בעלי־חיים„, ש. בלום, דער
בוים פֿון לעבן, נ„י 1931 ־טן — טרוו. אַמ.

.

־שן — די. אַמ.
אינפֿערטי'ל — אַדי. <איי <פּר.
אומפּרוכטיק (← 641). סטעריל ־קייט.

אינפֿעריאָ'ר — אַדי. דערונטערדיק.
נידעריקער. א'ע אייגנשאַפֿטן ־קייט.

.

1317

אינפֿער אָריטע'ט — די, ־ן. <איי <ל.
י

מינער(ווערט)יקייט. מינערוויכטיקייט.
הינטערשטעליקייט. מצבֿ פֿון זײַן אָפּגעשטאַנען,

צוריקגעשטאַנען. א־ג ע פֿ י ל — ,,די מוֹרא אַר

דערנידערונג, דאָס א־ג מאַכט אַ מענטשן   פֿאַר

...   ,

אַ גרויסן בעל־גאווה", שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער II. ,,אָבער אויך גריכנטום אַלס
פֿאָלקסרעליגיע און לעבנס־שטייגער האָט בײַ זיי ניט
געקאָנט אַרויסרופֿן קיין א,־ג'ן,,, גרינ, איד און
וועלט.   א־ק אָ מ פּ ל ע ק ס — באַהערשנדיק
געפֿיל אַז מען איז מינער(ווערט)יק פֿאַרבונדן

,

מיט שרעקעדיקייט, מיט דערשלאָגנקייט, אויך
מיט אַגרעסיווקייט. ,,די וואָס האַלטן אין איין
דערציילן וועגן... זיך נסים ונפֿלאָות צײַגן
אַז... זיי לײַדן, ווי אַלע באַרימערס פֿון אַ

,

קאָמפּלעקס פֿון א'", שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I.

אינסערנ אָ — דער. בא. <איי <איט.
גיהנום. שאול־תּחתּיה. ערשטער טייל פֿון גיהנום

(לויט דאַנטע). „אַמעריקע האָט געזוכט... אַן אייגענעם א, מיט אייגענע רשעים“, יג, אין תּוך I. “אַ פֿאַרפֿאַלענער אויף אייבּיק אין דעם א, פֿון דער נײַער צײַט און דער נײַער וועלט„, מאַן, נאָענטע געשטאַלטן. ־אַ'ל — אַדי. א'ע מאַשין צו צעשטערן די וועלט. א'ע מוזיק.

אינפֿער ע'ן — די, ־ן. <איי <ענג (<ל).
לאָגישער אויספֿיר אויפֿן סמך פֿון פֿאַראַנענע באַווײַזן — אָדער פֿאַקטן ־רן.

—

.

-

אינסראַ־ — פּרעפֿיקס. ל. נידעריק(ער).
אונטערשט(ע). למשל: א'מונדאַן, א'סטערנאַל. ← דאָס וואָרט אָן דעם פּרעפֿיקס.

-

אינסראַק ציע — די, ־ס. <איי <ל. ,
אײַנבּראָך'. 1. האַנדלונג קעגן אַ רעגולאַמין, אָפּמאַך פֿאַראָרדענונג מצד דער מאַכט אדגל.

בּאַ

גיין אַן א'. האָבּן (אויף זיך) אַ פּראָצעס פֿאַר
א'. 2. צעשפּאַלטונג פֿון אַ בּיין. ־טאָר —
ווער עס בּאַגייט אַן אינפֿראַקציע.
אי'נפֿראַרוי'ט — אַדי. אויך סובֿ. <איי <ל.

אויך: אינפּראַ־רויט. וואָס איז אונטער
(הינטער) דעם לעצטן רויטן פּאַס פֿון
קאָלירןספּעקטער וואָס דאָס מענטשלעכע אויג קען זען.
א'ע שטראַלן. בּאַשטראַלונג מיט א.. [די לענג
פֿון זייערע כוואַליעס איז גרעסער ווי פֿון די
אַלע שטראַלן וואָס מיר זעען און קירצער ווי
ראַדיאָ־כוואַליעס.] ,,... אַחוץ די שטראַלן וואָס
מיר קענען בּאַמערקן בּײַ דער זונען־
אויסשטראַלונג, זײַנען פֿאַראַן אויך אַנדערע שטראַלן,
וואָס
מיר זעען זיי נישט... ד אַזוי־גערופֿענע א,־

ר'ע,, פֿגעז, ווילנע 13 1927, No ־קייט.

אינפֿרעקוו□ע'נט — אַדי. ניט־אָ□ט, זעלטן, וואָס איז (קומט) מיט לענגערע אינטערוואַלן אין צײַט אָדער שטח. א'ע סיגנאַלן. ־ע'נ□ן — די.

אינץ — ← אונדז, בּ2. „א, האָט מען געזאָגט„.. אין צדיק בּאָרץ אַשר יעשׂה טובֿ ולא יהטא — [איין צאַדיק בּאָרעץ אַשער יאַ'אַסע טויוו וועלוי יעכטאָ] זאַץ. תּח. >קהלת, ז, 20. [אָנהייבּ פֿון פּסוק: ,כּי אָדם'.] 'וואָרעם ניטאָ

אינצווישן

אַ מענטש אַ צדיק אויף דער ערד וואָס זאָל טאָן גוטס און ניט זינדיקן', תּי. אויך: אין צדיק בּאָרץ אַשר לא יהטא — < תּפֿילה זכּה. [עס איז ניט פֿאַראַן קיין צדיק וואָס זאָל ניט זינדיקן]. געניצט מיטן בּ: ניטאָ קיין אַבּסאָלוט גערעכטער, אויך אַ גדול האָט זײַנע שוואַכקייטן. [“עס איז קיין צדיק ניט דער יעניקער, וועלכער רעדט זיך אײַן, אַז ער טוט בּלויז גוטס און זינדיקט ניט“, 'פֿון אונדזער גײַסטיקער חריפֿות', מאָמענט, מאָנטעווידעאָ, 16 X 1946.]

אין צדקה משתלמת אלא לפֿי ההסד

שבּה — [... צדאָקע מישטאַלעמעס עלאָ...
האַכעסעד שעבּאָ] <סוכּה, מט/ב. 'צדקה
ווערט בּאַלוינט לויט דער גוטהאַרציקייט (
ליַיטזעליקייט, איידלקייט, גענאָד) וואָס אין איר',
ד״ה צדקה אָן חסד איז קיין צדקה ניט, ס'ווערט
אָפּגעשאַצט ניט וויפֿל, נאָר ווי די צדקה ווערט
געגעבּן. ״א, צ, מ'... דער שׂכל פֿון צדקה איז
לויט דער איבּערמאָס פֿון חסד וואָס מע וויַיזט
אַרויס דערבּיַי״, חג, דער שולהויף.

אין צווייען — אַדוו. 1. אין צוויי חלקים,
טיילן. צעשניַידן דאָס בּרויט א, צ'. גיין א, צ,
איַינגעבּויגן. איַינקנייטשן א, צ'. „אָז מע וויל
זיך בּיַים כּבֿוד דערהאַלטן (אין כּבֿוד האַלטן),
מוז מען דעם מאָלציַיט א, צ, שפּאַלטן„, שוו.

2. זאַלבּעצווייט, צוויי צוזאַמען. „א, צ, איז
שטאַרקער״, שוו. „זיצנדיק א, צ'... בּיַים
אָפֿענעם פֿענצטער...„, ממוס, ווינטשפֿ. „אַז
דו וועסט קומען, וועלן מיר האָבּן אַ פֿריילעכן
יום־טובֿ א, צ״, נ. פּאָליאַק־הילמאַן, דער ניַיער
אָבּראַזצאָווער בּש, בּאַרדיטשעוו 1904. „בּיידע
א, צ, האָבּן זיי איבּערגעקערט די וועלט״, שע,
▯ונעם יאַריד.

3. צוויי מאָל אַזוי פֿיל. געווינען א, צ'. זיך
מאַכן לעכערלעך א, צ'. „וואָס דער וויַין איז

בעסער, איז א, צ, דער מקח“, שוו. „דעם
ברודער איז געוואָרן שלעכט א, צ': זאָל ער ניט
פאָרן..., זאָל ער יאָ פאָרן...,,, חוסן
ישועות, וואַרשע 1879. „איינער פאַרסטראַכירט
זײַנע הײַזער א, צ, וויפל זיי זענען ווערט,,,

ב. א. זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט I , וואַרשע
.1887

אינצווישן — 1. אַדוו. צווישן איין
געשעעניש און אַ צווייטער. דערווײַל. א, האָט
פּאַסירט אַז.... “דער פראָסט האָט זיך א,
געשטעלט,,. ,,... ווײַל השי“ת דאָס טון וויל,
זאָלן מיר דען א, נאָר אַליין אויף משא־ומתן
און אויף עוה,,ז [= עולם הזה] דענקען,,, אור
לעת ערב, לאָנדאָן תק,,פ? „א, פון איין לוויה
ביז א צווייטער פלעגט פאָרקומען... אַ
...

ברית־מילה,,, י. א. לייזעראָוויטש, דער זינדיקער,
פּעטראָגראַד 1919. „א, האָט ער חרטה און
ס'קומען אין אים אַרײַן געדאַנקען פון תשובה,,,
תניא, 62 פון דור־דורותדיקער ייִדישקייט,
. ,,...
פון בבל ביז — לובלין, און מיט דעם גאַנצן
היסטאָרישן א',, [סוב], יג.
2. פּרעפּ. דזוו צווישן. „עס זול זײַן איין

אינצידע'נט

שפּרייטונג אין צווישן דיא וושׂר“, טח, בּראשית,
א, ▯).
אינצידע'נט — דער, ־ן. <איי <פּר (<ל).
אַרויפֿפֿאַל'. פֿאַסירונג (פֿון אַ מינערן בּאַטײַט
,
און אויך אַ טייל פֿון אַ גרעסערער געשעעניש).
טראַף. צופֿאַל. צווישנפֿאַל. אָקאַזיע. עפּיזאָד.
א, מיט אַ טומל בעת אַ פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג. אַן
א, אין טעאַטער. דער א, איז אויסגעשעפּט =
אויסגעגליכן, ניטאָ מער וועגן וואָס צו רעדן
בּשײַכות מיט אים. „זײַנען 1932 יאָר פֿאַרלאָפֿן,
און מע טוט נאָך אַלץ דעם א, דערמאָנען וואָס
אין גליל האָט אַמאָל מיט מרימען געטראָפֿן“,
אַל III, 'אַווע מאַריאַ'. ־אַ'ל — אַדי.
צופֿעליק. ניט־רעגולער. א'ער אָנקלאָג — געמאַכט
בּעל־פּה בּײַ אַ געריכטלעכן פּראָצעס. א'ע מ ו ־
ז י ק — צו בּאַגלייטן אָדער אילוסטרירן שטעלן
אין אַ דראַמאַטישער אויפֿפֿירונג.
אינציזיע — די, ־ס. <איי <ל 1.
אײַנשניט, אײַנשנײַדונג. ספּעצ אין שײַכות מיט אַן
אָפּעראַציע. 2. אומאַנטשלאָסנקייט. היפּוך

פֿון דעציזיע.
אינצענט ער — דער, ־ס. (געאָמעטריע) פּונקט וואָס איז אין צענטער. —ריש — אַדי. א'ע ליניעס, שניטן.
אין צענען — אַדוו. 1. אין צען טיילן, חלקים. אײַנטיילן שפּײַז א, צ, פֿאַר אַלע צען טעג פֿון דער נסיעה. אײַנגעהאָרבּעט, אײַנגעבּויגן א, צ'. ▯ אײַנגעמויערט (־געמײַערט) א, צ, = (גאַליציע) אַרײַן אין גאָר גרויסע חוֹבוֹת. בּײַ ממוס א, צענטן — "אײַנגעהייקערט א, צ'".
2. זאַלבּעצענט, צען אירע. „מיר זײַנען שוין א, צ', מיר האָבּן אַ מנין און מע קען זיך שטעלן דאַוונען„.
אינצע'סט — דער, ־ן. <איי <ל.
געשלעכטלעכער פֿאַרקער מיט אַ גאָר נאָענטן בּלוט־קרובֿ, פֿאַרווערט פֿון רעליגיעס און געזעץ־קאָדעקסן (פֿאָטער מיט אַ טאָכטער, מוטער מיט אַ זון, בּרודער מיט אַ שוועסטער). „ער... האָט זיך אַ לאָז געטאָן קעמפֿן פֿאַר ליבּע און לעבּן מחוץ דעם גבֿול פֿון דער א'־גרופּע מיט אירע טאַבּוען", ייִבֿל .XX, 172 ־יק, ־יש — אַדי. א'יקע אָבּיעקטן. "מיר האָבּן אויך געזען, אַז דאָס פּסיכישע לעבּן פֿון קינדער מיט אַלע זײַנע אייגנקייטן, מיט זײַן עגאָאיזם, מיט זײַן

א'יקן ליבֿע־אויסקלײַבֿ... עקסיסטירט נאָך אַלץ
פֿאַרן חלום,,, מוו איבֿז פֿרויד, אַר נפֿיר אין
-
פּסיכאָאַנאַליז, ז, 180.

אין צריך לומר — [איין צאָריך לוימע]
פֿראַזע. תּח. <פּסחים, לא/ב. 'עס איז ניט
נייטיק צו זאָגן'. תּלמודישער אויסדרוק געניצט
מיטן ב: ס'איז איבֿעריק צו דערקלערן, ס'איז
פֿון זיך פֿאַרשטענדלעך. ,,חמץ שעבֿר עליו
פּסח פֿון חמץ וואָס איז געבֿליבֿן איבֿער
פֿסח טאָר מען קיין הנאָה ניט האָבֿן, און א,
צ, ל אַז מע טאָר עס ניט עסן,,, איבֿז דאָרטן.
,
,,ער פֿאַרגינט זיך ניט דעם בּיסן אין מויל, א,
צ, ל אַז ער גיט ניט קיין גראָשן צדקה,,..
,
אינקאַ — דער, ־ס. אינדיאַנישער
הערשנדיקער ש ט און מיטגליד פֿון דעם שבֿט אין דער

1318

אַלטער מלוכה פֿון פּערו (בײַם אָנקום פֿון די

שפּאַניער). די קולטור פֿון די א'ס.

אינקאָגניטאָ — אַדוו. <איי <איט (<ל) אומדערקענטערהייט, ניט אונטער דעם אייגענעם נאָמען (געוויינלעך וועגן אַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן וואָס וויל בלײַבן אַנאָנים). אַרומפֿאָרן א'.

אינקאָלאַ'ט — דער, ־ן. <איי <ל רעכט פֿון אַן אײַנגעזעסענעם אײַנוואוינער פֿון אַ

תּו,

שבֿ, הגם מען איז פֿון פֿרעמדן אָפּשטאַם. אויך: א'־ר ע כ ט. “קהילות... האָבן זיך געפֿירט וו אַ משפּחה־קלײַזל, ווײַל אין זכות פֿון זייער

׳

עשירות האָבן זיי באַקומען דעם א'“, י. שאַצקי, ייִבל ▯ XXI, 82.

אינקאָמאָ'ד — אַדוו. אַרכ. <פֿר. ניט־באַקוועם, אומבאַקוועם. שווער. “... אַך וואול ניט ללייפּסיג קומן זוא דשׂ לקצת אינקאָמאָד שײַנד“, אגרת שלמה, יב/ב.

אינקאָמאָדאָ — (יוריספּרודענץ) ל. אומבאַוועגלעך. אייגנטום וואָס מע קען ניט רירן פֿון אָרט (פֿעלדער, הײַזער).

אינקאָמאָדירן — טרוו. ־דיר, אינקאָמאָדירט.

אַרכ. מאַכן עס זאָל עמעצן ווערן (זײַן)
אומבּאַקוועם. בּאַלעסטיקן. „מאגי בּפּעם זה ניט
מעהר אינקומאָדירן בּכּתבֿי“, י. מאַרשן, לשון
זה□, אַמשט תּצ„ד.

אינקאָמוניקאַדאָ — אַדי. <איי <שפּאַ.
וואָס ס'איז וועגן דעם ניטאָ קיין קאָמוניקאַט,
קיין אינפֿאָרמאַציע. ה אַ ל ט ן א, —
איזאָלירט (אין אַ תּפֿיסה), אָן שום פֿאַרבּינדונג,
קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

אינקאָם־טעקס — דער. אַמ. הכנסה־שטײַער
(אין ענגלאַנד, פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע).

אינקאָמינירן — טרוו. ־ניר, אינקאָמינירט.
<איי <ל. אַרכ. אײַנסטראַשען, צווינגען.
„ומי יודע אם יהיה רצון מה, מיר זיך כל ימינו
עין בּעין ווידר זעהן ווערדין, אַלשׂ בּין איך
שוין אַך דא הין אינקאָמינירט מחר אי“ה מכּאן
צו גיהן“, אגרת שלמה, יח/בֿ.

אין קאָן — אַדוו. 1. אין אַ גרופּע וואָס
שפּילט אין עפּעס, צוזאַמען און בּהסכּם מיט
אַזאַ גרופּע. אַרײַננעמען עמעצן א, ק'. טאַנצן
א, ק'. 2. אין סכום צו געווינען אָדער
פֿאַרלירן. (אײַנ)שטעלן א, ק'. עס ש ט י י ט [
דריטפּערזאָניק] א, ק אַ גאַנצער פֿאַרמעגן. אויך

,

פֿיג „עס שטייט א, ק, דער גורל פֿון אונדזער פֿאָלק“.

אינקאָנדיציאָנאַ'ל, ־נעל — ←
אומקאָנדיציאָנעל, 652.

אינקאַנטאַציע — די, ־ס. <איי <ל.
כישוף־שפּרוך. אָפּשפּרעכעניש. אײַנזינגעניש פֿון ווערטער מיט אַ מאַגישן כּוח. 2. (מוזט) וואָקאַלע מוזיק אין מאָנאָטאָן [וואָס דאַרף אַרײַנברענגען דעם צוהערער אין אַ צושטאַנד פֿון רעליגיעזע איבערלעבונגען. פֿאָרעם אין דער שפּעט־מיטלעלטערלעכער קירכלעכער מוזיק].
־אַטאָר — כּישוף־מאַכער מיט דער הילף פֿון מאַגישע שפּרוכן ־ירן.

.

אינקאַרנאַציע

אינקאָנטראָ — אדוו. < ייִ <איט. אין אַ פֿאַרבינדונג, אין אַ צושטאַנד פֿון האָבן באַציאונגען. זײַן מיט עמעצן א.. „זעט אויס אַז די צײַטונגען האָבן ליגן געזאָגט, בכן רוסלאַנד איז מיט דער טערקײַ א'„, קמ, 32 1867, No.

אינקאַסע — די, ־ס. פּפּ: אינקאַסאָ. <איי <איט. 'אין קאַסטן'. אײַנקאַסירונג. דאָס

אַרײַנקריגן מזומנים פֿאַר אַ חובֿ, װעקסל, צוזאָג אע. קריגן אויף א, = אויף אינקאַסירן. הלוואָה אויף א, — הלוואָה מיטן תּנאַי אַז דאָס התחײַבֿות־צעטל זאָל אין אַ קורצן טערמין װערן פֿאַרקויפֿט אויף א'. א'□בּ ו ך. ,,... מאַכט

□

אַלע באַנק אָפּעראַציעס: א', אָנװײַזונגען...

דיסקאָנט,, פֿגעז, װילנע 1 1923' No, אַנאָנס.

,
פֿארמיטלונגס־אָפּעראַציעס, אויך אָפּעראַ,,... —
ציעס פֿון א, דובליקאַטן, װעקסלען אאַזוו“, בּ. האַלפּערן, אַ האַנטבוך... □ון אַ פֿאָלקסבאַנק, װילנע 1922. ,,גלײַכצײַטיק איז נײטיק אַן ענערגישע א'... פֿון די פֿאַרלעגענע שטײַערן,,, י□)ראָל שטימע, 1958 I □ו 5.
־ירן — טרוו. אַרײַנקריגן מזומנים פֿאַר אַ ח□בֿ, װעקסל, התחײַבֿות, מיטגליד־אָפּצאָל אע □ענט (אויך: ־אַטאָר) — װער עס אינקאַסירט, מאָנט אויף אַ חובֿ. ,,... איר װעט זיך

ניט אָפּזאָגן צו באַצאָלן... דעם א'ענט, וואָס
וועט זיך... צו אײַך מעלדן“, אָזע, '
צירקולאַרבריוו,, קאָוונע 1940.
אינקאַסאַבל — אַדי. <פֿר. אומפֿעאיק.
לתּשלומין כּפי דבורו אינקאַפּאַביל עד כי
ירחיבֿ ה, גבֿולו“, אגרת שלמה, טו/ב.
אינקאַפּאַ'ס — שפּאַ.
אינקאַפּאַציטירן — טרוו. ־טיר,
אינקאַפֿאַציטירט. <איי <ל. מאַכן עמעצן אומפֿעאיק
פֿיזיש אָדער גײַסטיק.
אין קאַרבֿ — אַדוו. אין סימן פֿון אַ שניט,
אין פֿינטל, אין ציל. “איר האָט פֿאַרשטאַנען
אַרײַנצוטרעפֿן א, ק'. דאָס געלט וואָס איר האָט
געשיקט האָט אונדז געהאָלפֿן פּטור צו ווערן
פֿון די ערגסטע חבֿות,,, פּבֿ. ,,... טרעפֿט אַרײַן
א, ק, מעג דער רמבֿם (ענין) זײַן ווי האַרבֿ,,,
פּרץ 'מאָניש'.
אינקאַרנאַציע — די, ־ס. <איי <ל. דאָס
אַרײַנקומען אין 'פֿלייש', אין אַ קערפּער. דאָס
קריגן די פֿאָרעם פֿון אַ בשׂר־ודם פֿון אַ
בעל,
היים בכלל.
א) א, פֿון דער נ ש מ ה — דאָס גלייבן אַז
די נשמה פֿון אַ געשטאָרבענעם קומט אַרײַן

אין אַ נײַ־געבּוירענעם. אויך דאָס גלייבּן אין
כּלערליי גילגולים. ”יענער רעוואָלוציאָנער איז
שוין געווען אַ פֿרײַדענקער און געטאָן
צענדלינגער זאַכן וואָס אַ הינדו אַ בּודיסט טאָר ניט
טאָן, אָבער די אמונה אין □, איז אים געבּליבּן
אין בּלוט“, גרינ,... טאָגבּוך.

בּ) ג ע ט ל ע כ ע א, — (קריסטלעכע) דאָגמע
אַז דאָס געטלעכע פֿאַרבּינדט זיך מיט דעם
מענטשלעכן (אין ישו הנוצרי). „,... זיי זײַנען
אויך ניט קיין קריסטן, טראָצדעם וואָס ישו
הנוצרי איז פֿאַר זיי איינער פֿון די א'ס אין

אינקאָדע'קט

וועלכע גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר דער
וועלט“, גרינ, איד און וועלט.

□) א, פֿון אַן א י ד יי (ע) —
פֿאַרבּילדלעכונג אין מאָלערײַ, פֿאַרגעשטאַלטיקונג אין
סקולפּטור, אין דראַמאַטישער קונסט.

אינקאָרע'קט — ← אומקאָרעקט, 653.

אינקאָרפּאָר□ירן — טרוו. ־ריר,

אינקאָרפּאָרירט. <איי <ל. 1. □ אײַנקערפּערן,.
אײַנגלידערן אַ טייל אין אַ גאַנצקייט, אַ פּרט אין

אַ כּלל. א אַ פֿאָרשטאָט אין דער גרויסשטאָט.

א אַלע ייִדישע שולן אין דער אַלגעמיינער
שולסיסטעם. א, די פֿאָלקסבאַנק אין פֿאַרבאַנד
פֿון די פֿאָלקסבענק. א אַן אײַנגענומענע געגנט
אין לאַנד פֿון זיגער. א, די נײַע צוגאָבן און
אויסכּעסערונגען אין דער קאָנסטיטוציע.

2. לעגאַליזירן אין פֿאָרעם פֿון אַ
קאָרפּאָראַציע, אַ פֿירמע, געזעלשאַפֿט מיט באַשטימטע
רעכט. א, אַלע צדקה־חבֿרות אין איין
צדקהפֿעדעראַציע. א, קליין־פּראָדוצירערס אין אַ
גרויסער אונטערנעמונג.

3 פֿאַרקערפֿערן, דורכפֿירן אַן אידיי(ע) אין
לעבֿן, אין קאָנקרעטע פֿאָרמען. פֿאָרשטעלן אַן
אידיי(ע) אין אַ געשטאַלטונג. א, דעם סאָציאַליס־ -
טישן אידעאַל אין דער קאָאָפּעראַטיווער
באַוועגונג. א, חסידישע חבֿרותאדיקייט אין אַ
וועלטלעכן קרײַז. „אַמעריקאַנער וואָס פֿאַרשטייען
ניט קיין חכמות... ווילן א„ אָפּגיסן אין אַ
קאָנקרעטער פֿאָרעם די שיטה פֿון טאָלסטאָי„,
קאָר I.

מיט ז י ך — א, זיך מיט סטאַטוטן,
אויסגעאַרבעט פֿון אַן אַדוואָקאַט. ,,מיר זאָלן גרינדן
אָט אַזאַ מין 'עם־עולם, ווי דאָס הייסט... א,
-
זיך און נעמען תּיכּף זוכן לאַנד“, הר, פֿאַרנאַכט.
־אַטאָר — דער. ־אַציע — די. מדינת..
ישׂראל האָט באַציי־טנס פּראָקלאַמירט די א, פֿון
אַלט־ירושלים,, ־ירונג — ,,נאָך דער א, פֿון
.
מזרח־גאַליציע [אין דער גענעראַל־גובערניע],,,
מון, היטלערם פּראָפֿעסאָרן.
־ירט — פּאַר, אַדי. א'ע עלעמענטן. א'ע
שולן. א'ע אונטערנעמונגען. א'ע ג ע ז ע ל ־
ש אַ פֿ ט — וואָס האָט, נאָכן דורכפֿירן געוויסע
פֿאָרמאַליטעטן, באַשטימטע לעגאַלע רעכט, וואָס
ווערט אַ יורידישע פּערזאָן. א'ער ק ל אַ נ ג—
וואָס אַ שפּראַך אָדער ד אַלעקט האָט פֿריִער ניט
י
געהאַט און אַבסאָרבירט פֿון אַן אַנדער שפּראַך
אָדער דיאַלעקט. ,,איבער אַ צאָל אייגננעמען
קומט אויס צו האָבן אין יידיש דעם א'ן
דיפֿטאָנג אַו און מיר קענען האָבן דעם
אונטערשייד צווישן ,פֿויסט, און 'פֿאַוסט',,.
אין קאָ'רפּאָרע — ל. אַלע (מיטגלידער)

אינאײנעם. אַלע צוזאַמען. די גאַנצע משפּחה א,
ק, איז געקומען צום אַלטן זײדן. „די
פֿאַרוואַלטונג האָט א, ק, זיך אָפּגעזאָגט דורכצופֿירן
דעם באַשלוס„.
אינקובּ אַטאָר — דער, ־ס. <איי <ל.
געשלאָסענער אַפּאַראַט מיט אויטאָמאַטיש
רעגולירטער וואַרעמונג און פֿײַכטקייט פֿון דער
לופֿט. א, אויסצוברִיען הינדעלעך פֿון אייער.
א, פֿאַר פּריצײַטיק־געבּוירענע עוֹפֿעלעך. א סאַר
- ,

מיקראָאָרגאַניזמען „... אָט האָב איך איצט
אַרײַנגעלייגט טויזנט טאָלער אין א'ס,... אַזאַ
מאַשין דאַרף אויסבּרִיען איבּער הונדערט
הינדעלעך אַ וואָך“, אָפּאַ, היבּרו. ־אַטאָריסט,
־אַטאָרשטשיק — דער; וונ ־ין, ־
שטשיצע.
־אַציע — 1. פּראָצעס פֿון אינקובּירן, פֿון

האַלטן אין אינקובאַטאָר. דער דויער פֿון א,.
2. (מעדיצין) פּראָצעס און צײַטאָפּשניט צווישן
מאָמענט פֿון אַן אָנשטעקונג (אינפֿעקציע) ביז
דעם אויסבראָך פֿון דער קראַנקייט גופֿא (
פֿאַרשיידענע א׳ס בײַ פֿאַרשיידענע קלעפּיקע
קראַנקייטן). ,,עס מוז פֿאַרבײַגיין אַ געוויסע צײַט ביז
דער גיפֿט גייט אַרײַן אין בלוט און אין גאַנצן
אָרגאַניזם און רופֿט אַרויס די באַשטימטע
קראַנקייט. דאָס קומט פֿאָר בײַ אַלע קלעפּיקע
קראַנקייטן און רופֿט זיך אָן א׳־פּעריאָד“, צש,
פֿגעז, ווילנע 10 l924, No.
־ירן — טרוו. אַרײַנברענגען און האַלטן
אין אינקובאַטאָר (ביז עס פּיקן זיך אויס
הינדעלעך, ביז דאָס עופֿעלע קען לעבן אין אַ
נאָרמאַלער סבֿיבֿה אע). א, אייער. א, דאָס
זיבעלע. אַן אינקובירט עופֿעלע.
אין קוואַס — אַדוו. דזוו אין צרות, אין אַ
פֿײַנלעכן מצבֿ. אין אַ שלעכט געשעפֿט. ער
ל י ג ט שוין א, ק׳. ז י ך ו ו י י ק ן א, ק׳.
,,און ליגט מיט זיי אינאיינעם א, ק׳,,, ממוס,
׳איבער אַ שטאָט׳. ,,נאַטשאַלסטווע ליגט דאָך
אויך א, ק, גלײַך מיט אַלעמען,,, שע. [קוואַס
איז אַ זויערלעך געטראַנק.]
אין קוואַרטאָ — ל. (דרוקערײַ) אין

אָרמאַט פֿון אַ בוך וואָס זײַן דרוקבויגן איז
געפֿאַלצט אַזוי עס זאָלן זײַן 4 בלעטער, 8 זײַטן;
אַן ערך 9 אויף 12 צאָל. "דאָס איז אַ תנך
אין צוויי באַנד אויף אַ פֿערטל בויגן (אין
קוואַרטאָ) וועלינפּאַפּיר,,, קמ, 29 1866, No.
אינקוויזי'ט — אַדוו & דער, ־ן. > איי <ל.
אויספֿאָרשונג אַרעסט. דאָס האַלטן אַ

באַשולדיקטן אין תּפֿיסה אין דער צײַט פֿון דער
אויספֿאָרשונג ביז צום געריכט־פּראָצעס. אָפּזיצן לאַנגע
חדשים א'. ,,אַכצן חדשים א, אויסגעזעסן,
מאָרגן דאַרף איך צו די ספּראַווע שטיין", פֿל
(גנבֿים) ־ירן — טרוו.

.

אינקוויזיטאָר — דער, ־אָ'רן, ־ס. וונ ־ין,
־שע [ספּעצ פֿרוי פֿון א']. 1. מיטגליד און

-

אויספֿאָרשער פֿון אינקוויזיציע־געריכט. אויך:
דורבפֿירער פֿון אורטייל פֿון אָט דעם געריכט.
הויפּט־א'. ,,מע ברענגט אַנוסים פֿאַ ן א'ס
אויגן... איך פֿיל דעם אָטעם פֿון דעם טויס

מיט זיי צוזאַמען,,, אַל I. ,,צווישן זיי דער
א, — אַך, ווי לײַכט איז אים דערקענען! /
שטילער קינדער! הערט אויף לערנען, / ער וועט
הייסן אײַך פֿאַרבּרענען“, אַר, 'אין פֿינצטערער
צײַט'. ,,אַ געזאַנג קומט אָן פֿון ווײַטן...
לאַנגזאַם שפּרײַזט דער א, אין אַ קרײַז פֿון
קאַרדינאַלן,,, םעג‌ ליריש‌ע לידער, וואַרשע 1915.
2. בּכלל פֿײַניקער, ספּעצ בּשײַכות מיטן
געריכט. ,,ער איז ניט קיין קינד, אַן א, איז ער!“.

אינקוויזיציע

אינקוויזיטאָריש — אַדי. וואָס איז פֿון (אין
דער טבֿע פֿון) אַן אינקוויזיטאָר. א'ע מעטאָדן.
א'ע אויספֿאָרשונג. ,,א'ע צווענגלעך אויף
פֿײַניקן,,, ייִז, 'אין דער פֿינצטער'. ,,אַן א, גראָבּן
זיך אין דעם אַנדערנס געוויסן,,, זשיט II‌, נ“י
1917. ־קייט.
אינקוויזיצ‌יע—די, ־ס. <איי <ל. 1.
אויספֿאָרשונג דורך דעם קאַטויליש־קירכלעכן
טריבּונאַל פֿון די וואָס מען איז זיי חוֹשד און ווערן
געמשפּט פֿאַר פֿאַרבּרעכנס קעגן דער קירך.
דאָס ספּעציעלע קירכלעכע געריכט צו משפּטן

אַפּיקורסים וואָס וויַכן אָפּ פֿון דער
קריסטלעכער דאָגמע. פּויפּס(ט)לעכע א'. [די א, איז
געווען אומאָפּהענגיק פֿון דער וועלטלעכער
יוריסדיקציע. די א, האָט אָנגעווענדט די
אַכזריותדיקסטע פּײַניקונגען בײַם אויספֿאָרשן די וואָס
אויף זיי איז געפֿאַלן דער מינדסטער חשד, כּדי
אַרויסצוקריגן דאָס מודה זײַן זיך און נעמען
פֿון נאָך חשודע. אומצאָליקע קרבּנות פֿון דער
א,, דערהויפּט אַנוסים, זײַנען אומגעקומען בעת
די אויספֿאָרש־פּײַניקונגען, נאָך איידער זיי
ווערן געשטעלט צום משפּט. די טויטשטראָף
איז געווען דורך פֿאַרבּרענט ווערן אויף אַ
שײַטערהויפֿן (← אויטאָ־דאַ־פֿע, 139). ענדגילטיק
איז די א אָפּגעשאַפֿט געוואָרן ערשט אין יאָר

1834. ‚‚אין דרום־פֿראַנקרײַך'... דערציילט דער
כראָניסט... — 'האָט זיך אויף אונדזערע
בּרידער אַוועקגעלייגט די שווערע האַנט פֿון די

-

אויספֿאָרשערס,, ד,,ה די טוערס פֿון דער א,,
וואָס איז דעמאָלט [אָנהייבּ 13. י,,ה] געגרינדעט
געוואָרן,,; ,,די דאָמיניקאַנישע א, וואָס האָט

אַוועקגעלאָזט מיטן פֿײַער די יידישע ספֿרים,
האָט אַן אַנדערט מאָל געמאַכט שײַטערהויפֿנס
פֿאַר די ייִדן גופֿא אויך,,; ,,די פּויפּסטלעכע א,
אויף אויסצוואָרצלען די כפֿירה האָט אין

אַראַ

גאָניע שטרענג אויפֿגעפּאַסט אַז ייִדן משומדים
זאָלן זיך נישט אומקערן צוריק צו זייער

פֿריִערדיקער אמונה,,, זק, איבּז שד ו. ש פּ אַ נ
יש ע , פּ אָ ר ט ו ג ע ז י ש ע א'. ,,די א, איז
געגרינדעט געוואָרן אין 1480 אויף צו
פֿאַרטיליקן די יודאַאיזירנדיקע...,,; ,,דער ערשטער
גענעראַל־אינספּעקטאָר פֿון דער א,
טאָרקוועמאַדאָ,,; ''פּאַולוס III... האָט אַרויסגעגעבּן אַ
בּולע וועגן אײַנפֿירן די א, אין פּאָרטוגאַל
(1526)''; ,,אינגיכן איז די א, בּכבֿודה ועצמה
געקומען קיין אַמעריקע נאָך די מאַראַנען'', זק
איבּז, שד I ו.] ,,עס גרוילן א,־פּײַנען, ס'פֿלאַמעז
שײַטערס און רוצחים שפּאָטן'', מבּאָ, דער גייער.
''... דר אין בּראַזיל איז גפֿאַנגן גווארן פֿון דיא
פּאָרטיגאַלשי אין דיא האַנד פֿון די (חוקרים),
דיא גהיישׂן וערן אינקוזיסיע, דשׂ זײַנן דיא
נאָך פֿאָרשין אויבּ מן רעכט איר (אמונה)
האַלט,,, שאַר, צא.

2. יעדער מין אַכזריותדיקע פּײַניקונג. ‘‘דאָס וואָלט פֿאַר איר געווען די גרעסטע א',,, ספּ, סודות. ,,צו פֿאַרגיין אין א'־תּענוג האָב איך אין מײַן לעבן שוין געהאַט ניט איין אָנבאָט... אַ פֿאַרצייכנטער טרעבֿלינקע־קאַנדידאַט,,, הל, אין טרעבֿלינקע....

־יאָנע — אַדי. סל. נר. ,,עס טוט זיך חושר

אינקווילי'ן

און אין קלײַזל איז געשטאַנען דער גרויסער א, סוד,,, קמ, 19 1870, No.

אינקווילי'ן — דער, ־ען. <איי <ל. (

זאָאָלאָגיע) בעל־חי (פֿון אַן אינזעקט ביז אַ פֿויגל אאַ) וואָס נעסטיקט זיך אײַן אין אַ פֿרעמדער נעסט און לעבט אינאיינעם (ניט־פּאַראַזיטיש) מיט אַן אַנדער בעל־חי ־יש — אַדי.

.

אינקווירירן — טרוו. ־ריר, אינקווירירט. אויך: אינקוואַרירן. אַרכ. גערײכטלעך

אויספֿרעגן, אויספֿאָרשן. ,,איין בפֿעל... אַן דעם פֿישׂגאַל [פֿיסקאַל = שטײַער־באַאַמטן] בײַא וואַרלושׂט זײַנשׂ דינשׂט, דז ער זאָל אינקווארירן וויא עשׂ מיט דיא מרגליות...,,, גה, 354.

אינקוועסט — דער, ־ן. אַמ. געריכטלעכע אויספֿאָרשונג, אויספֿרעגונג (בעיקר בשײַכות מיט אַ מאָרד).

אין קול ואין כסף — [איין קאָל וועאיין קעסעף] פֿראַזע. תּח. <פֿאַראָדירט 'אין קול ואין קשב, (▯..). 'קיין קול און קיין געלט'. געניצט מיטן בּ: ניטאָ קיין שטים, ווען ס'איז ניטאָ קיין געלט. אַן אָרעמאַן קען קיין דעה ניט זאָגן. „עס גייט אַוועק [אַ לאַנגע צײַט] א, ק, וא, כּ, — נישטאָ ניט קיין בּריוו, ניט קיין ידיעה“, שע, טבֿיה. „א, ק, וא, כּ, — ער האָט ניט קיין שטים און קריגט ניט קיין געלט“.
„אַ חזן אַ קאַליקע, א, ק, וא, כּ, — אָבּער געלט פֿאַרן מוסף וויל ער,. „א, ק, וא, כּ, — ניט מ'הערט פֿון אים, ניט ער גיט עפּעס“ פֿוול.

,

אין קול ואין עונה — [... אוינע] זאַץ. <מלכים א, יח, 22. 'קיין קול און קיין ענטפֿער', תּי. געניצט מיט בּבּ: א) זיך ניט אָפּרופֿן, ניט ענטפֿערן. „זיי האָבּן בּיידע אַהינגעקוקט צו די שיפֿן, א, ק, וא, ע, — אויף די שיפֿן האָט זיך ניט געפֿונען קיין לעבּעדיקער נפֿש“, ייִט, טמז, 2 1954 II. „אָ, מאַך מיר גרינג דעם תּורה־עול, / די שרעק פֿאַר שׂכר ועונש. /

איך רוף צו דיר מיט שטילן קול / און דו? —
א, ק, וא, ע'״ פֿײַנ, גאָט פֿון צאָרן; בּ) ניט
קע,
נען ענטפֿערן. מיט דעם בּ שוין אין קאַל ווב;
ג) עס העלפֿט ניט, עס האָט ניט קיין ווירקונג;
אַרויסגעוואָרפֿענע רייד. אַן אומזיסטע טירחא.
"... און וואָס כ'האָבּ ניט גערעדט צו אים און
געוויינט איז געוועזן א, ק, וא, ע',,, אַבֿרהם
קאָטיק. "אַפּעלירט אַז די לאַנדסלײַט אין ישׂראל
זאָלן קריגן די סומע פֿאַרן ספֿר הזכּרון, אָבּער
א, ק, וא, ע'״, טמז, 1965 II י 22.
אין קול ואין קשבֿ — [... קאָשעוו] זאַץ.
<מלכים א, יח, 29. 'קיין קול און קיין
הערונג', תּי. געניצט מיטן בּ: מע האָט געמאַכט אַ
שווײַג. "ואין ק, וא, ק, — בּיז זײַנער אַ גוטער
פֿרײַנד האָט אים די נאַכריכט מיטגעטיילט",
קמ, 16 1869, No. ,,א, ק, וא, ק, פֿון דער בּאָבּע
בּלימעלע,,, ייִט, פּוילן II.
אינקומסט — די. מצ נבּ. אַרכ. דזוו אײַנקום,
הכנסה. "ער שענקט אים איין שין לנד דא ער
דר פֿון פֿיל רײַכטום, אין קומשׂט גהאט,,, שאַר,
ח. "מן ווערט אים ניקשׂ מער געבּן פֿון דיא אין
קומשׂט פֿון דיא (ישיבֿה)", דאָרטן, יט/ב.

אינקונאַבל — דער, ־ען. <איי <ל. 'אין
וויגעלע', דרוקזאַך פֿון דער ערשטער תּקופֿה
אין דער געשיבטע פֿון דרוקערײַ (אַן ערך 2טע
העלפֿט 15. י,,ה). ,,די דרוקווערק וואָס זײַנען
אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין 15. י,,ה — איז
אָנגענומען צו רופֿן א'ען. אַן א, איז הייסט עס
אַ דרוקזאַך פֿון יענער צײַט, ווען דאָס דרוקן
איז נאָך געווען אין די וויקעלעך", מוו, די
שוואַרצע פּינטעלעך. ,,ער האָט זיך אויך
קוׂנהשם געווען מיט זײַן זאַמלונג העבּרעאישע
כּתבֿידן און א'ען", י. שאַצקי, געשיכטע פֿון ייִדן
אין וואַרשע.

אין קונה — [איין קוינע] זאַץ. <דבֿרים, כח,
68. 'ניטאָ קיין קויפֿער'. אַ קראָם מיט
כּלטובֿ און א, ק'. אויך: ניטאָ קיין בּעלן. אַ מויד
מיט נדן, און — א, ק'. ,,א, ק, — און דער
איינער איז אויך ניטאָ", ווש: אין־איין פּאָרט
,, .
גיכער, וואָרן עס איז א, ק'", ייִל, וועלט־לוח,
אַדעס תּרמ,,ג.

אינקוס — דער, ◌ן. <איי <ל. (אַנאַטאָמיע)
דאָס מיטלסטע פֿון די דרײַ בּיינדלעך אין

מיטלסטן טייל פֿון אויער וואָס שיקט איבער אַ וויבראַציע צו די פֿעדעם פֿון הער־נערוו. אויך: 'קאָוואַדלע'.

אינקוראַזשירן — טרוו. ־זשיר, אינקוראַזשירט. <פֿר. אַרכ. צוגעבן קוראַזש. דערמוטיקן. „איך ווייש׳ ניכט... מיט וואשׂ פֿאַר אייפּר אונ, פֿלײַס מיך אינקוראַשירן זאָל דעם גינשׂטיגן אונ, ליבּן לעזר„ מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט 1734.

אינקורצן — אַדוו. 1. אינגיכן ←. בּקרובֿ. “מיר וועלן א, זיך ווידער טרעפֿן„. „וועל איך דיר א, ווידער אויסריכטן אין וועג„, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844. „דער פּרינץ קומט א, קיין...„, קמ, 39 1866, No. [<אין קורצן צײַט = אַ ווײַלע שפּעטער. „אבּר אין קורצן צײַט איז מײַן קינד איין היים פֿון זײַן רבּי קלמן“, ספֿר מע▯ה ה', אַמשט 1723, יז/ב]. 2. בּקיצור. דערציילן, בּאַשרײַבּן, דערמאָנען עפּעס א,. צו מאַכן דאָס א'. „וואָס איך האָבּ דאָרט איבּערגעהערט און איבּערגעזען... וועל איך דאָ א, בּאַשרײַבּן„, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895.

אין קורצן — פּרעפּ אין פֿלוס אַדי קורצן, למשל: גיין א, ק, קליידל, זיך לאָזן א, ק, וועג.

אינקורקאַ'ט — אַדי. >מאַלדעוואַניש, ־□ □ in(
eat. לאָקל, בעס, רומ.   צעטומלט. צעמישט.
,,דאָס אומגליק האָט אים געמאַכט גאַנץ א',,.

אין קטיגור נעשׂה סניגור — [איין
קאַטייגער נאַ'אַסע סאַנייגער] זאַץ. תח. <ראָש השנה, כו/א; ברכות, נט/א אאַ.   דער אָנקלאָגער קאָן ניט ווערן קיין פֿאַרטיידיקער, קיין מליץ־יושר. געניצט אויך מיטן ב: דאָס וואָס דערמאָנט אין אַן עבֿירה זאָל מען ניט ניצן צו טאָן אַ מצווה. [דער כהן־גדול האָט ניט געטאָרט אַרײַנקומען אום יום־כּיפּור אין קדשי־קדשים מיט גאָלד־געשטיקטע בגדים, ווײַל גאָלד בינדט זיך מיטן עגל־הזהבֿ. מהאַי טעמא מאַכט מען ניט די עץחיימס פֿון גאָלד.] ,,נעכטן האָסטו גערעדט אויף

אין קמה — אין תּורה

אים אָסור לדבּר, און הײַנט זינגסטו 'עלינו לשבּח, — א, ק, נ, ס'". ,,דער אָ, פֿושע־ישׂראל וועט ווערן אַ שליח־ציבור? א, ק, נ, ס',,.

אין קידוש אלא במקום סעודה — [איין
... עלאָ בימקוים סודע] זאַץ. תח. <לויט רשי, פּסחים, קא/א. מען איז ניט יוצא מיט קיווש אויב מען עסט ניט. ,,ווען ער דערמאָנט זיך

נאָכן... עסן [אַז ער האָט פֿאַרגעסן צו מאַכן קידוש] זאָל ער מאַכן קידוש און עפּעס עסן... בּמקום סעודה, ווײַל א, ק, א'...", סשי I, פּ.

אין קידושין לעכּום — [... לעאַקום] זאַץ.

תּח. <לויט קידושין, סח/א, ב: דלא תפֿסי בּה קידושין. בּײַ געצנדינערס איז ניט שייך קידושין, די ייִדיש־געזעצלעכע פֿאָרעם פֿון חתונההאָבֿן. [אויבֿ אַ ייִד לעבֿט מיט אַ גויע, איז ער עובֿר אויפֿן לאַוו 'ולא תתחתּן בּם', דבֿרים, ז, 3. אָבֿער זי ווערט ניט געזעצלעך זײַן פֿרוי, און דאָס קינד איז אַ גוי.] „מע האָט אים געכאַפּט... אפֿשר מיינט איר... מיט אַן אשת־איש? חס וחלילה! איר ווייסט דאָך ￼ז א, ק, ל', איז זי דאָך אַ גויע, ממילא קיין אשת־איש", קמ, 1867, No 9.

אין קיקעס זײַן, ווערן — שפּאָט־לשון. אין כּעס זײַן, ווערן. „בּיסט א, ק, — דריק עס!", פֿוול, אוקר.

אינקלוזי'וו — אַדי. פּפֿ: אינקלוסי'וו. <איי ל>. 1. אַרײַנגערעכנט. אַרײַנגענומען אין אַ סך־הכּל. א, אין חשבּון. „וואָן אבֿר הבּעל סעודה מעהר אַלס דרײַא הונדרט גילדן בּיז זעקס הונדרט גילדן אינקליזיווע דשׂ יאהר בּײַא טראגין טוהט...", 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס',

תּקכ,,ז, 1767, [ייִבּל 2 .[I, 342. כּוֹללדיק,
אַרומנעמיק. ,,פּאָליטישע דעמאָקראַטיע... איז
אַ העכערער און מער אינקלוסיווער בּאַגריף
איידער סאָציאַליזם“, גרינ, מענטשן און ווערטן.
־קייט.

אינקלינאָמעטער — דער, ־ס. 1. (▯ יזיק)
מכשיר צו בּאַשטימען דעם ווינקל צווישן דער
ליניע צום מאַגנעטישן פּאָלוס און דער
האָריזאָנטאַלער פֿלאַך פֿון אַ בּאַשטימטן פֿונקט.
2. יעדער מין מכשיר וואָס מעסט אויפֿהייבּ
אָדער אָפּנייג פֿון דער האָריזאָנטאַלער פֿלאַך.

אינקלינ▯אַציע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
צונייגונג, נטיה, טענדענץ. האָבּן אַן א, צו עמעצן.
האָבּן אַן א, צו נאַטור־וויסנשאַפֿטן. ,,זעה, וואשׂ
פֿאַר שוואכהייטן איך האבּי איבּר דיר, דאָך איך
טראָג צו דיר זאלכי אינקלינאַציאָן. דרום בּיט,
דוא וואָלשׂט מײַן ווילן טאָן“, מכירת יוסף,
פֿדמâ 1713. 2. אָפּנייג פֿון אַ האָריזאָנטאַלער
אָדער ווערטיקאַלער פֿלאַך צי ליניע. 3. (
אַסטראָנאָמיע) ווינקל צווישן דער פֿלאַך וואָס אויף
איר בּאַוועגט זיך אַ הימלקערפּער און דער
פֿלאַך פֿון דער אָרבּיט פֿון דער ערד ־ירן —

.

טרוו. ״ג[ע]אינקלינירטע פֿרײַנד,,, מאַרשן, לשון זה, אַמשט תּצ״ד.

אין קמה — אין תּרה — [איין קעמאַך איין טוירע] דזוו אם אין קמח — אין תּורה ←. ,,א, ק, א, תּ, — אַז מע שמירט ניט, פֿאָרט מען ניט״, שע, טיה.

אין קעגנטייל

אין קעגנטייל — זוו. דטשמ. פֿאַרקערט, גאָר אַדרבּא. נר. ,,אבּר אין קיגן טייל, ווען איר ווערט האבּן קיין אײַל אונ, ווערט מיך לאָזן וואַרטן, זוא ווערט מיט דרוקן אײַן האַלטין,,, יוסף מאַרשן, שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תּע,,א. ,,ווינשע איך דיר דאָס שלאָס נישט צו פֿאַרלאָזן, נאָר א, ק, עטלעכע וואָכן צו בּלײַבּן,,, אַיגדור בּרכיה רוף איבּז, רינאַלדאָ רינאַלדיני, וואַרשע 1865. ,,יראת־שמים [איז]... קיין קלייניקייט..., א, ק, איין זייער גרויס פֿאַרלאַנגען וואָס השי,,ת פֿון דעם מענטשן פֿאַרלאַנגט״, עקיבּא יוסף שלעזינגעך, עמוד היראה, קאַשוי 18.

אינקעמערלדיק — אַדי. וואָס איז (קומט
 פֿאָר) אין קעמערל פֿון אַ שטאָף. א'ע
אַנטוויקלונג. א'ע פֿערמענטן.

אינקרוסטאַציע — די, ־ס. <איי <ל.
1. באַלייג, איבערצי פֿון קאָנדענסירטע
מינעראַלן (אָפּזאַץ פֿון קאַלך אאַ) אויף זאַכן, ווען
זיי פֿאַרבלייַבן אַ לענגערע צייַט אין וואַסערן,
רייַכע מיט מינעראַל־זאַלצן. .2)
קונסטאַרבעט) באַלייג מיט מירמלשטיין; באַדעקונג מיט
אָרנאַמענטן (מאָזאַאיק) פֿון איידעלע מעטאַלן,
מיט גלאָז, מיט שיינעם האָלץ אע אָדער מיט
פֿאַרביקע געמעלן אויפֿן פֿאַסאַד, אויף טירן,
פֿענצטער אאַ טיילן פֿון אַ בנין. אַרויפֿקלעפּונג
אָדער באַמאָלונג אויף מעבל. „[קליאָן ווערט
פֿיל פֿאַרנוצט צו בעסערע מעבל און א'", בער.
"אינקרעסטאַציע פֿאַרשיידנפֿאַרביקע געמעלן

.

אין פֿאַניר„, י. כּץ, 'טערמינאָלאָגיע פֿון
סטאָלערייַ, פּש I, ווילנע 1926 ־ירן — טרוו.

,   .

־ירונג. —ירט — אַדי. אַן א, בילד. „
גאָלדענע באָרדיורן, לאַקירטע דעבאַרקאַדערן, א'ע
טירן„, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע,

אַדעס 1932.

אינקרימינ□ירן — טרוו. ־ניר, אינקרימינירט.
<איי <ל. פֿאָרמעל באַשולדיקן עמעצן אין
אַ פֿאַרברעך. אַרײַנציִען אין אַ קרימינעלן
פּראָצעס. א, דעם העצער פֿון די אומרוען.
־אַטאָר — דער. ־אַטאָריש — אַדי.
־אַציע — די.

אינקרע'□ט — דער, ־ן. [□se□re□ □ ־־ in□.].
(פֿיזיאָלאָגיע) יעדער דריז וואָס זײַן פֿונקציע
איז דאָס אינעווייניקסטע אויסטיילן, אויסשיידן
האָרמאָנען. ־טירן — טרוו. א, סעקס־
האָרמאָנען ־ציע — די. פּראָצעס פֿון
אינע.
ווייניקסטער אויסשיידונג (סעקרעציע).

אי'נקרעמע'נט — דער, ־ן. <איי <ל.
1. (מאַט) צוּוואוקס. אָנוואַקסונג, צושטעל,
פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו, צו אַ סכום כּדי צו
באַקומען אַ סכום וואָס איז נייטיק פֿאַר אַ
ווײַטערדיקער מאַטעמאַטישער אָפּעראַציע. 2. צוגאָב
צו שׂכירות. קריגן אַ גרויסן א, איבערן יקרות.

אין רגע בלי פּגע — [איין רעגע... פּעגע]
זאַץ. תּח. געניצט אויך מיט אַ צווייטער
העלפֿט: אין שעה בלי רעה. צב. <אפֿשר
לויט יהודה הלוי: 'אין רגע בלי רעה, [,,אַפֿילו

אויב יאָ אַזוי, איז בלויז דורכן אַרײַנשטעלן

1321

די צוויי נײַע רינגען און דורך צוויי מאָל
גראַמען האָט זיך באַקומען דאָס אויסגעהאַמערטע
שפּריכוואָרט“, ימ, ייִבל, ־XII.] 'ניטאָ קיין רגע
אָן אַן אָנשיקעניש, (ניטאָ קיין שעה אָן אַ צרה),
ד,,ה צרות קומען כּסדר, אָן אַן איבּעררײַס,
ממש יעדע רגע בּרענגט אַן אַנדער פֿלאָג. אַזוי
ווי: ,,יעדער טאָג האָט זײַן פּלאָג“, שוו.
אין רוה הכמים נוהה הימנו — [... רואַך
באַכאָמים נויכאָ היימענו] זאַץ. תּח. <בּבֿא
בּתרא, ח, ה. ,,דער גײַסט פֿון חכמים איז ניט
צופֿרידן מיט אים“, פּיעט, ד,,ה זײַן פֿירונג
געפֿעלט ניט די חכמים, די בּעלי־משנה. [דאָרטן:
אויב עמעצער גיט אַוועק פֿאַרן טויט זײַן
פֿאַרמעגן בּתּורת מתּנה פֿרעמדע מענטשן און לאָזט
קיין זאַך ניט איבּער זײַנע אייגענע זין, אָדער
בּכלל צו געזעצלעכע יורשים — האָט זײַן
אַקט אַ געזעצלעכע קראַפֿט, אָבּער די חכמים
האַלטן אַז מע דאַרף זיך אַזוי ניט פֿירן.] געניצט
בּײַ יעדער מין אָנווײַזן אויף אַן אויפֿפֿיר וואָס
רופֿט אַרויס טענות מצד פֿאַרשטענדיקע. ,,אין

דער מחלוֹקת איז דער רבֿ טאַקע געווען גערעכט, אָבֿער א, ר, ח, נ, ה, — מע האָט די גאַנצע מחלוקה ניט באַדאַרפֿט„.
אין רהום בדין — [... ראַ'כום (ראַכעם) באַדין] דזוו אין רחמים בדין □..
אין רהמים בדין — [... ראַכמים באַדין] זאַץ.
לויט כּתובֿות, פּד/א: 'אין מרח□ן בדין,. 'עס איז ניטאָ קיין רחמנות בײַ אַ דין', ד„ה געזעץ ווייסט ניט פֿון רחמנות. [דער ריכטער טאָר אויך ניט שאַנעווען, ניט האָבֿן קיין אײַנזעעניש מיט אַן אָרעמען אָדער געפּלאָגטן וואָס אים קומט אַ שטראָף לויטן געזעץ.] ענלעך צו: ,יקובֿ הדין את ההר,. „א, ר, בּ, איז אַ גויאישע מידה„, שוו. „עס העלפֿט נישט צו דעם מערדער קיין ווײַנען, קיין קלאָ□ן, קיין בעטן, קיין פֿראָטעקציע, קיין זכות־אָבֿות... א, ר, בּ'", א. מאָרגענשטערן, עגל הזה□, וואַרשע 1898.
געניצט אויך מיטן בּ: מע דאַרף זיך ניט רעכענען מיט עמעצנס בעטן זיך, מיט עמעצנס טרערן. „א, ר, בּ'! — האָט חיים זיך געשטאַרקט דאָס האַרץ, ווען אירע טרערן האָבן אויף אים אָנגעהויבן שטאַרק צו ווירקן„, אַר, 'די נאַשערין'.

אויך אָן דעם וואָרט 'דין, פֿון דעם „א, ר,

.

בּוויסנשאַפֿט“ — ימ, קוד, 1939. פֿאַראָדירט:
אין רחמים בּקאָרטן.
אין ריבּוי אַהר דיבּוי אלא למעט —
[... ריבּוי אַכאַר... עלאָ לעמאַ'עט] זאַץ. תּח.
<בּבֿא קמא, מה/ב; פּסחים, כג/א. (אויבֿ עס
שטייט אין דער תּורה) אַ צוגאָבֿ נאָך אַ צוגאָבֿ
(מיינט עס) צו מינערן, ד"ה צו פֿאַרשמעלערן
די ראַם פֿון דין. [ר, יהודה זאָגט: אויף אַ
בּוים — געפֿלאַנצט אין רשות־היחיד אָבּער
לטובֿת הכּלל — איז ניט חל דער דין פֿון
ערלה; ער לערנט עס אָפּ פֿון נטעתּם און לכם,
ויקרא, יט, 23.] געניצט אין אַזעלכע סיטואַציעס,
למשל: „בּיסט נתעלה לגדולה געוואָרן — בּלאָז
זיך ניט, ווײַל א, ר, אַ, ר, א, ל'“; „אַ כּבֿוד נאָך
א כּבֿוד ווערט שוין אַן אומ ּ.בֿוד, א, ר אַ'....,.

- - -

,

אין שוסטערגאַס

אינש בּאינש פּגע — [אינעש בּעאינעש פּאָגאַ]
זאַץ. תּח. ,אַ מענטש בּאַגעגנט זיך מיט אַ
מענטש'. [ערשטער אָדער צווייטער טייל: טורא

בּטוראָ לא פּגע — אַ בּאַרג מיט אַ בּאַרג טרעפֿט זיך ניט. דאָס שפּריכוואָרט איז פֿאַראַן אין אַלט־גריכיש, אַראַבּיש, רוסיש אאַ. די איבּערזעצונג אויף גמרא־לשון איז אַפּנים כּדי צו שאַפֿן אַ ספּעציעלן עפֿעקט.] געניצט אין פֿאַרשידענע סיטואַציעס ווי אַן אויסדרוק פֿון:

א) האָפֿענונג און דערמונטערונג בּײַ אַן אָפּשייד: „לאָמיר זיך געזעגענען, הער אויף צו כליפּען, ס'איז אַ קליין וועלטל, א, בּ, פּ'“; בּ) איבּערראַשונג, פֿרייד בּײַ אַ פּלוצעמדיקן בּאַגעגענען זיך: — זענט איר שוין לאַנג אין פּאַריז? — ס'צווייטע יאָר! —... א, בּ, פּ'“, אָפּאַ, 1863; ג) גלויבּן אַז ס'וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט: „דו האָסט מיר געטאָן אַ טובֿה, כ'וועל דיר, אם־ירצה־השם, אָפּדינען, א, בּ, ס'“; ד) אַ סטראַשוניק: „וואַרט, כ'וועל זיך אָפּרעכענען מיט דיר, א, בּ, פּ„,. שפּאַסיק: תּורא בּתורא לא פּגע — אַן אָקס בּאַפֿאַלט ניט אַן אָקס, א, בּ, פּ, — אַ מענטש בּאַפֿאַלט (פֿאַלט אָן אויף) אַ מענטשן.

אין שבּת אַרײַן — אַדוו פֿראַזע. ווײַזט אַז אַ געוויסע טואונג, אַן אַרבּעט איז ניט

פֿאַרענדיקט געוואָרן פֿאַר ליכט־בענטשן. אַ ש ט אָ ך
א, ש אַ, [בײַם נייען]. האָרעווען ביז אַ שטיק

,

א, ש אַ'. אַרײַנפֿאָרן מיט די האָלאָבליעס (מיטן

,

דישל) העט א, ש, אַ'. אויך: אין די ל אָ ק ש ן
אַרײַן [וואָס מען עסט פֿרײַטיק־צונאַכט].
אין שוטה מרגיש — [איין שויטע מאַרגיש]
זאַץ. צבֿ. <לויט שבת, יג/ב: 'אין שוטה נפֿגע,
אין אסתּר רבה, ה: 'מחו ליה ולא מרגיש,. ,אַ
שוֹטה שפּירט ניט'. אַ שוֹטה ווערט ניט
געטראָפֿן, לײַדט ניט. [אין דער גמרא באַטײַט
'שוֹטה, — אַן אידיאָט, אַ חסר־דעה.] געניצט
מיטן בֿ: אַ נאַר איז ניט סענסיטיוו, רעאַגירט
ניט, (ניט אויף גוטס און ניט אויף שלעכטס)
ווי אַ נאָרמאַלער מענטש דאַרף רעאַגירן. ״הלמאַי
אים מוסרן? ס'וועט ניט העלפֿן, א, ש, מ',,.
אין שול אַרײַן — אַדוו פֿראַזע.
טראַדיציאָנעלער רוף צום דאַוונען, צו סליחות און אַלע
אַנדערע פֿאַלן ווען מע דאַרף דעם עוֹלם אין
שול (בית־מדרש אע). ״דער שמשׂ קלאַפּט א,
ש אַ, און לייגט זיך אַליין שלאָפֿן״, שוו [מיט

,

אַ הילצערנעם האַמער האָט מען געקלאַפּט אין

די לאָדנס בײַם וועקן צו סליחו]. ,,שבת אינדערפֿרי האָט מען נישט געקלאַפּט מיטן האַמער, נאָר דער שמשׂ האָט אויסגערופֿן מיט אַ הויך קול און אויסגעצויגענע ווערטער 'אין שול־על אַ־רײַן!,,,הרבֿ מ. י. זיכערמאַן, נחלת יעקבֿ, נ״י תּשכ״ו. *רופֿן א, ש אַ, = אויך: אַפּעלירן מע

,

זאָל ווערן פֿרום.

אין שוסטערגאַס (אַרײַן) — אדוו פֿראַזע.

ס'האָט שוין פֿאַרלאָרן דעם ווערט פֿון נײַקייט אָדער געזעלשאַפֿטלעכער חשיבֿות; ס'איז שוין אָנגענומען פֿון המון. ,,ווען אַ מאָדע איז שוין אַרײַן א, ש', זוכן אונדזערע דאַמען אַ נײַע מאָדע,,.

אינשורן

אינשורן — טרוו. אינשו'ר, אינשו'רט. אַמ. <:o insure> פֿאַרזיכערן, אַסעקורירן.

.

סטראַכירן. א, עמעצן פֿון (קעגן) פֿײַער, גנבֿות אאַזוו.

אינשורנס — די. מצ ווי אצ. אַמ. <:ln־ :>

פֿאַרזיכערונג, אַסעקוראַציע. „און suran(e

באַ א, דאַרף מען רעדן, צורעדן, פֿאַררעדן און איבעררעדן“, שע, מאָטל II. א־א ייִ ד ז ש ע נ ט

פֿאַרזיכערונג אַגענט. ל ײַ ן ־א'—לעבנס־
פֿאַר— -

-

זיכערונג. „קיין ייִדישער שרײַבער אין פּוילן
האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט פֿון קיין '
לײַפֿא"... האָט קיינער ניט געוואַגט 'זיך
אָנצוהייבן"“, יובֿל זב לכּבֿוד דר, א. מוקדוני, נ„י 1927.
א־פ אַ ל י ס י — שריפֿטלעכער קאָנטראַקט
צווישן פֿאַרזיכערטן און פֿאַרזיכערונג־
געזעלשאַפֿט פֿרידקין האָט אַרויסגעשלעפֿט דעם
—.
קאָנווערט. ס'איז געווען אַ פֿײַער־'א'־פּאַליסי', ער
האָט מיטאַמאָל געוומען רײַסן די פּאַליסי אויף
שטיקלעך“, אָפּא, היבּרו. א־ק אָ מ פ אַ נ י. א־
פ ר י מ י ו ם פֿאַרזיכער־פּרעמיע.

אינשטאָטיק — אַדי. וואָס איז אין (געהער
צו) דע'ר שטאָט גופֿא פֿאַר אַן א'ן לעזער,

· ,,

ד,,ה פֿאַר אַן אַדעסער, קענען מער
אינטערעסירן נאָר די שטאָטזאַכן... וואָס קערן זיך אָן
מיט דער היגער... געמיינדע,,, קמ, 8 18,
.No 48
אין שטאַנד — ← דוווו. [ווען צום וואָרט
'שטאַנד, קומט צו אַן אַדי, איז גלײַכער צו
באַטראַכטן דעם אויסדרוק ווי אַן אַדוו פֿראַזע].
זײַן, זיך געפֿינען א, ש י י נ ע ם (גוטן,
שלעכטן) ש,. ״עס איז פֿאַרהאַנדן מענטשן וועלכע
זײַנען א, שיינעם ש, און קענען זייער
אונטערשריפֿט ניט חתמענען״, ליאָנדאָר, נײַער בש,
ווילנע 1844. ,,אײַער ברודער איז לײַדער א, אַ
שלעכטן ש, און קען אײַך ניט העלפֿן״, פּבּ.
אַרכ אויך מיט ווערבן: בּ ר ע נ ג ע ן , ש ט ע ־
ל ן אאַ. ,,זוא בּ[אַ]לד איין פֿאָלק נור אינשטאַנד
ק ו מ ט צו זגין איינה (מרידה) צו טואן,
בּ ר ע נ ג י ן זיא עז אינשטאַנד, דערום...,,,
ספֿר מ חר הפנינים, הומבורג תּצ״ט. ,,...
מחזורים מיט טײַש דש איין גמיינר חזן זיך וואול
אין שטאַנד ש ט ע ל ן קאַן צו ווישן וואז

ער פַאַר דעם עמוד זאָגט,,, אבֿן יִ‏tראל,
...
מעץ 1766.
אין שטאַנד זײַן — [אויסלייג אימשטאַנד,
איס שטאַנד, דטשמ, נר] צגז אוטוו בּין א, ש',
א, ש, געווען. זײַן בכּוח. האָבּן אַ
מעגלעכקייט, כּוחות, מיטלען אע. ז, א, ש, צו קויפֿן,
צו דינגען אע. ניט ז, א, ש, צוצוקומען צו אַזאַ
טײַערן בּיסן. אַ נאַטור־געזעץ וואָס קיינער איז
ניט א, ש, איבּערצומאַכן. ז, א, ש, צו האַלטן
אַ משרת (דינסט, אָנגעשטעלטן אע). ניט ז, א,
ש, איבּערצוגעבּן (צו פֿאַרשטיין, בּאַשרײַבּן,
דערציילן אע). ״איז דאָס מעגלעך אַז משה
רבּינו... זאָל זאָגן אַז... זיי פֿלייש געבּן
איז ער ניט א, ש'״, שמו פּלאי, המדבּר בּצדקה,
וואַרשע תרנ״ב. ״איז דער ייִד א, ש, זײַן
פֿאַרמעגן, אַפֿילו זײַן לעבּן אײַנצושטעלן יענעם צו
ראַטעווען״, קמ, 5 66‏1, No. ״... איז

אונטער1322

געוואַקסן און שוין א, ש, געווען אַליין אַ
בּלעטל גמרא אײַנצובּײַסן״, ממוס, ווינטשפֿ. ,,נאָך
אַזעלכע שירים איז שוין קיינער [ניט] א, ש,

אויפֿצוהייבן אַ האַנט‟, פּ. זאַמאָשטשין, „בריוו, [ייִבֿל XI, 1־2]. „דאָס אָפּגעבן מזל־טובֿ... מיט דעם אונטערשמייכלען זיך בין איך שוין ניט א, ש אַריבערצוטראָגן‟, שע, אָרעמע און פֿריי,

לעכע I.

אין שטיך — אַדוו. מיט די ווערבן: ב ל ײַ ב ן, ל אָ ז ן. אין אַ פֿאַרלעגנהייט. אין אַ שווערן מצבֿ, וואָס עס איז שווער זיך אַרויסצודרייען פֿון אים. „ווער עס האָט חתונה אויף גיך דער בלײַבט א, ש‟, שוו. ‟געלאָזן דעם שותּף א, ש, און אַליין זיך אָפּגעטרייסלט פֿון געשעפֿט‟.

אין שטיק — אַדוו. אַרכ. (צוויי אָדער מער שליחותן, אַרבעטן) צוזאַמען ווי איינס. ‟בעיר אַחת איין חזן ומלמד א, ש, גידונגן ווערט, זול שליש אחד על החזנות אויז גשלאגין ווירדן [= איין דריטל באַלוינונג קומט פֿון חזנות] ושני שלישים על המלמדות, הן בשׂכירות והן במזונות‟, 'פּנקס הקהל דק‟ק רונקל', תּצ‟ג [ייִבֿל I, 1].

אינשטעטלדיק — אַדי. וואָס איז אין (געהערט צו) דע'ם שטעטל. דאָס א'ע שפּאַצירן שבת בין מנחה למעריבֿ.

אין שטעל — דזוו אויף דער שטעל, ← 426.
“דאָס איז דאָך אַן אַלטער זאַקאָן אַז אַלע קצבֿים זײַנען מחויבֿים אָפּצוּוועגן די פֿלייש און באַצאָלן א, ש',,, ה. קליבאַנאָוו, קול חדש, ווילנע 1908. “האָט פֿאַרזאָגט אַז זי זאָל דעם טיש א, ש, אויפֿן פֿריִערדיקן אָרט אַוועקשטעלן“, א. פֿינקעל און ש׳ הורוויטש איבז, אַ הײַזל בײַ דער וואָלגע, מינסק 1922.
אין שלום אָמר ה, לרשעים — [איין שאָלוים אָמאַר האַשעם לאָרשאָאים] זאַץ. תּח. <ישעיה, מח, 22. 'ניטאָ קיין שלום, זאָגט מײַן גאָט פֿאַר די רשעים', תּי. געניצט מיט בכּ: 1. מע טאָר ניט שלום מאַכן מיט רשעות. 2. ס'פּײַניקט דעם רשע זײַן געוויסן. ,,א, ש, אָ'... דער רשע פֿאַרמאָגט ניט קיין אינערלעכע רו, קיין שלוות־נפֿש, קיין אינערלעכן פֿרידן מיט זיך אַליין“, הרבֿ ד. י. מאָלאָווייטשיק, טמז, 15 4׳19 IX.
אין שליה לדבֿר עבֿירה — [... שאָליִאַך לידוואַר אַוויירע] זאַץ. תּח. <קידושין, מב/ב; בּ׳א קמא, נא/א; עט/א. 'מע קען ניט מאַכן (דעלעגירן) אַ שליח צו טאָן אַן עבֿירה', ד,,ה די

אַחריות טראָגט נאָר דער וואָס פֿירט דורך דעם
פֿאַרבֿרעכן, און ער קען זיך ניט פֿאַרענטפֿערן
אַז מע האָט אים געשיקט, געדונגען, באַפֿוילן,
אָנגערעדט אע. "דעם טיף־מאָראַלישן פּרינציפּ אַז
א, ש, ל, ע, פֿאַרשטייען ניט די נאַצישע רוצחים
און זיי טענהן: מע האָט זיי געהייסן מאָרדן".
אין שני מלכים משתמשים בכתר אהד
— [איין שניי מעלאָכים מישטאַמשים בייקעסער
עכאָד] זאַץ. תּח <לויט חולין, ס/ב. 'צוויי
מלכים באַנוצן זיך ניט מיט איין קרוין'. גענוצט
מיט בבֿ: א) מע קען ניט גלײַכצײַטיק דערהייבן
צוויי מענטשן צו דעם זעלביקן ראַנג; ב) מע

אין שׂמהה אלא בבשׂר

זאָל ניט פֿונקט אויף דעם זעלביקן א פֿן לויבן
אָדער אָפּגעבן כּבֿוד צוויי באַזונדערע מענטשן.

--

אין שני נביאים מתנבּאים בסגנון אהד
— [איין שניי נעוויאים מיסנאַבים בעסיגנוין
עכאָד] זאַץ. תּח. >סנהדרין, פּט/א. 'ניטאָ

קיין צוויי נבֿיאים וואָס זאָלן נבֿיאות זאָגן אין איין און דעם זעלבֿיקן סטיל,. געניצט מיטן בּ: איטלעכער דריקט זיך אויס אויף זײַן שטייגער, אַנדערש ווי אַ צווייטער. יעדער איינער האָט זײַן דרך, זײַן שיטה, זײַן סטיל.

אין שפּאַן — מיט די ווערבֿן: ז ײַ ן , ג ײ ן.
ווי אַ פֿערד שווער האָרעווען, געטרײַ דינען, שלעפּן דעם יאָך פֿון פֿליכטן. א, ש, פֿון אַ באַוועגונג, פּאַרטיי, אידיי(ע) אע

אינשסיצירן — טרוו. ־ציר, אינשפּיצירט.
<דײַטש (<ל). בוקאָווינע. מג. דזוו אינספּעקטירן, ▯.. ״דער שולדירעקטאָר האָט יענעם טאָג אינשפּיצירט אַלע קלאַסן״, רייד (טשערנאָוויץ). ,,טרעפּט זיך אַז אַ גענעראַל דאַרף אַרויסקומען א, אונדזער אָפּטיילונג״, י. בערנפּעלד, אונדזער קיוס, פּאַריז 50 1965, No.

-

אינשריסט — די, ־ן. איבערשריפּט.
אויפֿשריפֿט. אינסקריבירונג. ,,איבעראַל [אין אַלע בתי־תּפֿילה] איינפּאַך 'שויתי ה, לנגדי תּמיד'... אויף אַ מעשענער פּלאַטע מער גאָר קיינע...

א'ן“, קמ, 1870, No 12. „אָנגעוויזן אַז דאָס
זײַנען געווען ניט קיין עגיפּטישע, נאָר
העבּרעאישע א'ן“, קאָר II.
אין שׂטן ואין פּגע רע — [איין סאָטאָן...
פּֿעגאַ ראַ] זאַץ. תּח. <מלכים א, ח, 18. 'ניטאָ
קיין שטער און קיין בּייז בּאַגעגעניש', תּי.
געניצט מיטן בּ: ס'איז שטיל און רואיק. „איר
שרײַבּט ווי עץ ת„ל [= תּודה לאל] בּשלום
ושלווה זיצט, א, שׂ, ו, פּ, ר'“, פּראָגבּ.
אינשׂליט — דאָס. מצ נבּ. אַרכ. פּפֿ:
אינצליט. דזוו אונשליט (← 808). ←
אינסעליט. חלבֿ, פֿעטס איבּער אינגעווייד. stoבּ, ח/ב
פֿאַרטײַטשט 'חלבֿ, — „אינצליט„; לקח טובֿ —
“אינשׂלט“. „און, דשׂ א, דשׂ דא בּידעקט זײַן
בּויך„, טח, שמות, כט, 22. „דער נאָך נאַם
ער... א, און, שמאַלץ... און, פֿר מישט
דרונטר שוועבּיל און, פּעך“, יוסיפֿון, אַמשט 1661.
אין שׂמהה אלא בּבּשׂר — [... סימכע עלאָ
בּייבּאָסער] זאַץ. תּח. <פּסחים, קט/א. 'ניטאָ
קיין שׂמחה אָן פֿלייש'. געניצט מיטן בּ □ אַ
שׂמחה אָן פֿלייש איז קיין שׂמחה ניט. „די
בּעליכּיכּודים לייגן זיך... צונויף אויף אַ
קערמעשל, א, שׂ, א, בּ, — מיט אַ גלעזל משקה“,
צעד. “... אמת איז דאָך א, שׂ, א, בּ', נו, בּ“ה,

מיט פֿלייש איז מען שוין פֿאַרזאָרגט", דער

יודישער אַר פּסח וואַרשע 1881. ענלעך צו: ,,וואו ס'איז דאָ פֿלייש און פֿיש — דאָרט איז אַ פֿריילעכער טיש", שוו פֿרגל: אין סעודה בלי בשׂר.

... אלא ביין — [... בעיאַיִן] <דאָרטן.

,ניטאָ קיין שׂמחה אָן ווײַן'. ,,א, שׂ, א, בּ, — בײַ אַ שׂמחה דאַרף מען מאַכן אַ לחיים, פֿוול.

... אלא בי"ש [בעיאַש, ייִן שׂרף] —

ניאין שׂמהה בלא תוגח

טאָ קיין שׂמחה אָן בּראַנפֿן. "א, שׂ, א, בי,,ש — מאַכט רשי: ווען ס'איז פֿול די פֿלאַש" פֿוול.

... בלא אַכילה ושתיה — [...בּ(ע)-לוי אַכילע אושטיִיע] <מועד קטן, ט/א. ניטאָ קיין שׂמחה אָן עסן און טרינקען.

אין שׂמהה בלא (בלי) תוגה — [... בעלוי (בלי) טוגאָ] זאַץ. תּח. צבֿ. <לויט , ואחריתה שׂמחה תּוגה,, משלי, יד, 13. 'ניטאָ קיין פֿרייד אָן טרויער, צער'. ,,טאַנצנדיק האָט מיר דער רבֿ אַ זאָג געטאָן א, שׂ, בּ, תּ"', טמז,

30 1965 I רגל: אין שׂשׂון בלי אָסון.

,

אין שׂשׂון — בלי אָס ן — [... סאָסוין...
אָסוין] זאַץ. תּח. צבֿ. באַווירקט פֿון אין שׂמחה
בלי תּוגה (←). ,ניטאָ קיין פֿרייד אָן לייד'.
געניצט מיטן בּ: אין יעדער שׂמחה וועבט זיך
אַרײַן אַ שאָטן פֿון צער. ,,זאָ איזט שוין דער
שיקזאַל דעם מענשענס: א, שׂ, בּ, אָ',,, י)ראָל
אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, יאַס 1893.
אין תּוך (אַרײַן) — [... טאָך] אַדוו. (ווען
מע באַטראַכט) אין דער טיף. בעצם. אין גרונט.
א, תּ, איז עס ניט..., נאָר.... א, תּ, ג ע נ
ומ ע ן. ,,א, תּ, איז יעדער צד גערעכט'', שון.
,,עס איז א, תּ, אַ, אַ לאַנגע אַלטע מעשׂה וואָס
חזרט זיך תּמיד איבער אויפֿדאָסנײַ,,, ממוס,
'ד אַלטע מעשׂה'. ,,זיי [די גוטע־ייִדן] העלפֿן
,

נאָר דער וועלט מיט אַ זיפֿץ... א, ת, אַ, זעט
מען פֿון זיי ניט איינס אַ רעכטס,,, ייִל,
כּלבֿוניק, אַדעס 1876. ,,'ואָהבֿת לרעך כּמוֹך,
... קלינגט דאָס ווי אַ באַפֿעל, און דאָך איז
דאָס א, תּ, ריינסטע אַגדה,,, גרינ, איד און
וועלט.

אין תוכו כּבֿרו — [איין טויכוי קעוואָרוי (קעבֿאָרוי)] זאַץ. תּח. >יומא, עב/ב. 'זײַן אינעווייניק (תּוך) איז ניט ווי זײַן דרויסן', ד,,ה דער גוטער אײַנדרוק וואָס דער מענטש מאַכט שטימט ניט מיט זײַן שלעכטן כאַראַקטער.

דזוו: ער איז ניט אויפֿריכטיק, ער איז צווייפּנימדיק. ,,דער רבֿ... האָט אָבער דורכגענומען אַז אין דיזן מענטשן שטעקט עטוואָס פֿאַלשעס און כיטראָסט, א, תּ, כּ,,,, אָפּ,,ד, די צוריקגעקאָמענע ליעבע, ווילנע 1894. ,,דאַרפֿסט אים ניט טרויען, זײַן מויל טריפֿט האָניק, אָבער א, ת, כּ'".

אינתוכיק — אַדי. וואָס איז אין תּוך. בעצמדיק. גרונטיק. ,,א'ע אַנדערשקייט פֿון וועלכער מע קען ניט אַנטרינען אַפֿילו ווען מע וויל,,,

ד. בּ. מאַלקין, י□ראל, תּ,,אָ, יוני־יולי 1950, No 9. ־יקייט.

אין תּורה כּתורת ארץ־ישׂראל — [איין קעטויראַס...] זאַץ. תּח. >ויקרא רבּה, יג, ד. ,ניטאָ נאָך אַזאַ תּורה ווי די תּורה פֿון ארץ־ישׂראל,. [צווייטער טייל: 'ואין חכמה כּחכמת א,,י'.] ,,אויב מע האָט געזאָגט א, תּ, כּ, א,־י, — אפֿשר איז די הבֿחנה וואָס... אין חוץ־לארץ איז זי פֿון אַ יחיד, אָבער דאָרטן איז זי פֿון

כלל־ישׂראל אויך", טמז, 12 ב 1965 .II
אין תהילת — [טכילעס]. דזוו תּחילת,
בתּחילת. לכתּחילה. אין אָנהייב. אין אָנפֿאַנג. „א, תּ,
איז ניטאָ קיין מחילות", שוו. „אַפֿילו דער זיידע

1323

דײַנער, ווי בײז ער איז אויף איר געווען א,
ת',„ י. האַלפּערן, שיינדעלע, וואַרשע 1913.
אַין תהת אַין — [אַייַן טאַכאַס...] פּראַזע.
פּאַראָדירט 'עין תּחת עין'. ,גאָרניט פֿאַר
גאָרניט,. (שפּאַסיק): „אַ מחבר האָט באַקומען —
פֿאַר זײַן צוגעשיקטן חיבור צו אַ קאָלעגע —
א ספֿר מיט אַ צושריפֿט: אַ, תּ אַ',„.

,

-

אין תקווה — [איין טיקוואָ (־ווע)] זאַץ. צבֿ.
אויפֿן סמך פֿון 'יש תּקוה,„ איכה, ג, 29 אאַ.
ניטאָ קיין האָפֿענונג. געניצט מיטן בֿ: דער
מצבֿ איז אַ קריטישער [לק אַנשטאָט אַ פּשוט

יידיש וואָרט, כּדי עמעצער וואָס דאַרף עס ניט וויסן זאָל ניט פֿאַרשטיין]. „...—. וואָס מאַכט דער ח‎לה? — א, ת‎”.

איסאָגלאָס — דזוו איזאָגלאָס, ← 1039. „וואו גייט אָדורך דער א, וואָס טיילט אָפּ איין אויסשפּראַך פֿון דער אַנדערער...„, מוו, ייִבּל I־XI, 103.

איסאַווי'ט — דער, ־ן. אָנהענגער פֿון אַבּו עיסי (סוף 7., אָנהייב 8. י„ה). „אַבּו עיסי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ נבֿיא... האָט געפֿאָדערט מע זאָל דאַוונען זיבּן מאָל אַ טאָג.. מסתּמא אָן איסלאַמישער אײַנפֿלוס. ער האָט פֿאַרבאָטן צו גטן זיך... האָט פֿאַרווערט צו טייטן לעבּעדיקע בּרואים און עס זײַנען געווען אַ סך אונטערשיידן צווישן אים און די רבּנישע ייִדן בּנוגע מצוו‎', יהודה ראָזענטאַל, ‚קריטישע טענדענצן...', ייִבּל 1 ,XXI.

איסאָכראָניש — דזוו איזאָכראָניש, ← 1040. „[קלאַנגען] געווען לאַנג און געבּליבּן לאַנג, אַחוץ אין צפֿון־מזרח און דרום־מזרח וואָס האָבּן אָנגעוואוירן פֿאָנעמישע לאַנגקייט און זײַנען (סעקונדער) געוואָרן א',„ מוו, ייִשפּ XX.

איסאָנאָמיע — דזוו איזאָנאָמיע, ← 1040.

איסבּאַוועןָ — דזוו איזבּאַוועןָ, ← 1041.

איסגראַיע —די, ־ס. לאָקל, וורר□ a : □<.
קאָמפּאַניע, גרופּע וואָס שפּילט זיך צוזאַמען. דזוו חבֿרה. „איר מיינט ס'עפּעס אַ קלייניקייט אויסהאַלטן אַזאַ א', אָזאַ חבֿרה„, רייד (הלוסק, לעבּן בּאָבּרויסק).

איסור — [אי'סער] דער, ־ים [איסו'רים]. < שבֿועות, כד/א; <סנהדרין, פּד/ב. געניצט זעלבּשטענדיק, און אויך ווי אַ בּאַשטאַנדטייל אין אַ צאָל פּראַזעס און אויסדרוקן (← ווײַטער), 'געבּונדנקייט, פֿאַרבּאָט, דאָס וואָס ווערט
.
(איז) פֿאַרווערט. [אין דער תּורה ווערט דערמאָנט 'איסר, (איסאָר) — ווען עמעצער טוט אַ נדר אָדער שווערט זיך אָפּהאַלטן פֿון עפּעס וואָס מע מעג ,לאסור א, על נפֿשו', בּמדבּר, ל, 3 — „צו אַסרן אויף זיך אַן א',„ תּי. אין תּלמוד און אין דער רבּנישער ליטעראַטור בּאַצייכנט א, אַ פֿאַרבּאָט וואָס: א) שטייט בּפֿירוש אין דער תּורה; בּ) מע דרינגט אַרויס פֿון ר, ישמעאלס דרײַצן מידות (מעטאָדן לויט וועלכע מען אינטערפּרעטירט די תּורה); ג) די חכמים האָבּן מתקן געווען. די א'ים — לא תעשׂה'ס — הייבּן זיך אָן על־פּי רובֿ מיטן וואָרט 'לא': לא תגנובֿ,

לא תּרצח, לא תנאף, און אונטערשיידן זיך

איסור

ווערליק זייער האַרבקייט און שטראָף. פֿאַרן עובֿר זײַן קומט: מלקות, כּרת, מיתה בּידי שמים, אָדער די אַרבּע מיתות בּית־דין.]

[אין די תּפֿוצות האָט דער א, געשפּילט אַ ווירקעוודיקע ראָלע אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און רעליגיעזן לעבן; אַ יחיד, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפֿן דער דיסציפּלין פֿון קהל, פֿלעגט אונטערן דרוק פֿון א־ מוזן נאָכגעבן; דעם א, פֿלעגט אויסרופֿן דער רבֿ — אין נאָמען פֿון בּית־דין — אָפּטמאָל בּאַגלייט מיט אָנצינדן שוואַרצע ליכט, שופֿר־בּלאָזן און קללות; מע פֿלעגט דעם א, אויסקלעפּן אויף די ווענט פֿון די בּתּי־מדרשים, קלויזן און שטיבּלעך.] אַרויפֿלייגן (אַרויסגעבּן) אַן א'. גוזר זײַן אַן א'. אַראָפּנעמען (אויפֿבּינדן) דעם א'. מתּיר זײַן אַן א'. אַרויסקומען מיט אַן א', אַ בּפֿירושער (קלאָרער, האַרבּער, גרינגער) א'.

,,א סכּנה פֿאַרן לעב□ איז האַרבּער וו אַן א,

—— - ,

פֿון דעם רבּין,,, שוו. [פּאַראַלעל צו: ,,חמירא

סכנתּא מאיסורא,,, חולין, י/א.] "... טרינקען (אַפֿילו) אויף (סעודת־מצווה) איז ניט רעכט, (מכּל־שכּן) דיא זיך לאָזן זינגן אונ, אויף שפּילן אונטר די פֿענשֹר איז איין (א')", קהלת שלמה, אַמשט 1744, עב/ב. ,,דו זאָלסט אונדז שפּײַזן און דערנערן... מיט אַזוי אַ פּרנסה די דאָ זאָלן זײַן... מיט היתּר און ניט מיט א'", תּחינות ובקשות, דיהרנפֿורט 1798, י/א. ,,עס איז אַן א, צו רײַסן זײַנע קליידער אין צאָרן און צו בּרעכן כּלים, דען ער איז גלײַך צו אַ מומר: הײַנט טוט ער אַזוי, מאָרגן קען ער כּופֿר בּעיקר זײַן דורך זײַן צאָרן,,, ספֿר חסידים, תּק,,ז?, סימן עא. ,,אייגנטלעך, כּאַפּנדיק צו [בּײַם] עסן איז קיין גרויסער א, ניט, אָבער עס איז אויך ניט רעכט,,, חא, נא/ב. ,,בּית־הלל... פֿלעגן מלמד זכות זײַן מקיל צו זײַן און מתּיר צו זײַן די א'ים פֿון בּית־שמאי,,, תּניא קיט.

,,די מתנגדים האָבּן גוזר געווען אַן א, אויף לימוד־החסידות מצד בּיטול־תּורה", לדבּ, נ,,י תּשי,,ז. ,,ווען סע זאָל ניט זײַן קיין א, צו ציילן אונדזערע ייִדן...,,, ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,,אַ ראַציאָנעלן א, אויף זעלבּסטמאָרד קאָן מען טאַקע ניט געפֿינען, און אַ רעליגיעזער א, איז ניט שטענדיק עפֿעקטיוו", גרינ'... טאָגבּוך.

,,ער האָט געמאַכט אַן א'“ [וועגן אַ גאַסט וואָס
וויל ניט פֿאַרזובן פֿון כיבּוד].

א־אַכילה — [... אַכילע] דער. <חולין,
קטו/ב; פּסחים, כג/ב   פֿאַרבאָט צו עסן.

.

[למשל אום יום־כּיפּור; אָדער טרפֿות, נבֿלות,
בּשׂר בּחלבֿ וכדומה. סײַ (מ)דאורייתא, סײַ
(מ)דרבּנן, אָדער מדבֿרי סופֿרים.] פֿאַרן עובֿר
זײַן קומט: א) מלקות (אבֿר מן החי, מילכיקס
מיט פֿליישיקס); בּ) כּרת (חמץ אום פּסח, בּלוט
פֿון אַ בּהמה, חיה און עוף; ג) מיתה בּידי שמים
(תּבֿואה וואָס פֿון איר האָט מען ניט
אָפּגעשיידט תּרומה גדולה און תרומת־מעשׂר).

א־אַכילת—דס — א, צו עסן בּלוט. [מע
האָט געפֿרעגט ר, יונתן אייבּעשיץ פֿאַרוואָס

,

בּײַ דעם א, ווערט אָנגעגעבּן 'למען ייִטבֿ לך
ולבֿניך אַחריך, (דבֿרים, יב, 23), האָט ער
מסבּיר געווען: עסן בּלוט פֿלאַנצט אײַן אַכזריות

איסוך

וואָס קען אויך איבּערגיין צו קינדער, לויט
בּ. יאושזאָהן פֿון אונזער אַלטן אוצר.]

,

א׳־אשת־איש — [...־איישעס־...] דער. <סנהדרין, פֿא/א; ספֿר החינוך, יתרו, לה. פֿאַרבאָט מזנה צו זײַן מיט אַ פֿרוי פֿון אַ מאַן. [באַזירט אויף ״לא תנאף״, שמות, כ, 13; ד□רים, ה, 17: ולא...] ,,האָט ער דערציילט ווי ער האָט עובֿר געווען על א׳־א׳־א, און האָט געהאַט פֿון איר ממזרים״, ספֿר הנהגות טובֿות, וואַרשע תּרנ״כ.

א׳־ביאה — [...־בִּיִע] דער, מצ: איסורי־... [איסרריי]. פֿאַרבאָט בועל צו זײַן אַ פֿרוי (אַן ערווה, נידה וכּדומה).

א׳־בישול — דער. <חולין, קטו/ב. פֿאַרבאָט צו קאָכן (מילכיקס מיט פֿליישיקס אָדער אום שבּת).

א׳־בשׂר־בּחלבֿ — [... ־באָסאָר־בּייכאָלאָוו] דער. <חולין, קטו/ב. פֿאַרבאָט אויף פֿלייש מיט מילך (צו קאָכן, עסן אָדער הנאה האָבן).

□ -

א׳־גבֿרא — [... ־גאַוורא(־רע□ I דער. <לויט נדרים, ב/ב פֿאַרבאָט (וואָס איז חל) אויפֿן

מענטש. [למשל: דאָס ניט טאָרן עסן אום יום־כיפור איז א'־ג', ווײַל אויף די מאכלים גופא איז ניט חל קיין א'; אַ שבועה איז אַן א'־ג'.]

א, גדול — [... גאָדל] דער, ־ים ־ים [... גדוילי□]. 'האַרבער פֿאַרבאָט'. „טייל טראָגן נאָך איין פּרוסל [= פּאַראַסאָל] און זונשירעם אום שבת, און מאַכן אויף און צו... — דאָס איז אַן א, ג',„ הרב מ. טייטלבוים, ספר מעיין טהור, ק"ק אוהעל, יאָר? "עס פֿלעגט אויסגערופֿן ווערן אַן א, הגדול מיט שופֿר בלאָזן און מיט שוואַרצע ליכט, אַז קיינער טאָר די קאָראָבקעס ניט נעמען פֿון דומע", א. י. סאַפּיר אויס מינסק, חטאת הקהל I, ווילנע 1881.

א'־גזל (גזילה) — [... ־געזעל (גזיילע)] דער. <שבת□ לב/ב. פֿאַרבאָט אויף רויב. ['גזל, באַציט זיך אויך אויף עפּעס וואָס האָט כמעט קיין ווערט ניט. „דער וואָס באַגזלט זײַן חבר אַפֿילו אויף אַ ווערט פֿון אַ פּרוטה איז פּונקט ווי ער וואָלט צוגענומען בײַ אים די נשמה". אַ מנהג חסידות: ניט אַרויסרײַסן אַ שטרוי פֿון אַ פֿאַרקאַן כּדי אויסצושטעכן די ציין. מע טאָר ניט האָבן קיין הנאה פֿון עפּעס וואָס אַן אַנדערער האָט געגזלט, למשל: רײַטן אויף אַ

געגזלטער בהמה, אָדער אַקערן מיט איר. פֿון דער צווייטער זײַט, ווערט איבער פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע מאָטיוון פֿאַרלײַכטערט דער וועג צו תּשובֿה: דאָ איז ניט חל מלקות אָדער קנס; דער שולדיקער איז יוצא מיטן אָפּגעבן די גזילה אָדער באַצאָלן פֿאַר איר. מע דאַרף ניט דעמאָלירן דעם בנין כּדי אַרויסצונעמען אַ צוגעגזלטן און אײַנגעמויערטן באַלקן.] "... עס איז ניטאָ מער מיאוס פֿאַר השם־יתבּרך ווי דער א־ג'",

ספֿר הנהגות טו□ות, וואַרשע תּרנ"ב.

א, גמור — [... גאָמור] דער, ־ים ־ים [... גמורים] צב פֿולשטענדיקער פֿאַרבאָט,

.

אַבסאָלוטער פֿאַרבאָט. „עסן אום יום־כּיפּור איז אַן א, ג',„. „ווען דער לווה אַ בעל־מלאָכה איז, איז איין א, ג, דאָס דער מלווה זיך אויסנעמען

זאָל, דאָס ער אים ביליקער אַרבעטן זאָל„, מ.

□ו, פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.

הלוי הורווי

א־גניבֿה — [...־גנייווע] דער. <בּבֿא קמא, קיב/א; שבת, צא/ב, באַזירט אויף 'לא

תּגנבֿו', ויקרא, יט, 11 פֿאַרבאָט אויף גניבֿה.
.
גניבֿה טאָר אויך ניט זײַן אין ווערט פֿון אַ פּרוטה. מע טאָר ניט גנבֿענען כּדי עמעצן מצער צו זײַן (בּבֿא מציעא, סא/ב). מע טאָר ניט אַרײַנגיין אָן אַ דערלויבעניש צו יענעם אין שטוב און אַרויסטראָגן אַן אייגענע זאַך (בּבֿא קמא, כז/ב). א'־ג, איז האַרבער ווי א'־גזילה (בּבֿא קמא, עט/ב). א'־ג, בּאַציט זיך אויך אויף אָפּנאַרן פֿאַרפֿירן, אויף גניבֿת דעת הבּריות.
-
,
א'־געלט — דאָס. מצ נבּ. געלט וואָס מע קריגט אַרײַן דורך עובֿר זײַן אויף אַן איסור.
גניבה־געלט, גזילה־געלט, פּראָצענט־ עלט אע איז א'־ג'. „מיט א'־ג, פֿאַרשפּילט מען די וועלט", שוו. "דו זאָלסט בּײַ אים ניט לײַען, ווײַל זײַן געלט איז א,־ג',.. „דער וואָס וויל ניט נהנה זײַן פֿון א'־ג, ווערט גערופֿן צדיק תּמים,,, קה, ווילנע תרל"ה, קסא/א.
א, דאורייתא — [... דייאָרײַסע] דער. פּפֿ: א, מדאורייתא. <חולין, מט/ב; שבּת, מז/ב פֿאַרבאָט פֿון דער תּורה. אַן א, וואָס
.
ווערט בּפֿירוש דערמאָנט אין חומש, אָדער וואָס

מע לערנט אָפּ אויפֿן סמך פֿון די 'מידות, וואָס די תּורה ווערט געדרשנט מיט זיי. "עסן חזיר איז אַן א, ד'". „אַפּשיטא אַז די עבֿירה [גילוי שׂער באשה] איז גרויס... מחמת דאָס איז אַן א, מ, און דאָס ווערט נאָך געטאָן פֿאַר פֿיל מענטשן", י. מ. הכּהן, גדר עולם, וואַרשע תּרנ„ב. אויך: א, מן התּורה — אַן איסור פֿון דער תּורה. „איר [מאַח לייגט איַין די וועלט אַז דאָס איז אַן א, מן ה, — ווער הערט זיך צו צו אים?", סמבֿ.

א, דרבּנן — [... דעראַבּאָנאָן] דער. פּפֿ: א, מדרבּנן. <שבּת מז/ב. אַ פֿאַרבּאָט פֿון די רבּנים, דאָס הייסט וואָס חז„ל האָבּן איַינגעשטעלט [כּדי צו דערוויַיטערן פֿון אַן איסור דאורייתא, למשל: אַ תּחום־שבּת; א, דר, איז אין געוויסע פֿאַלן ניט אַזוי האַרבּ ווי א, דאורייתא; למשל: בּיַי אַ ספֿק, צי ס'איז חל אויף דעם אַן א, דר, אָדער ניט, פּסקנט מען לקולא, איז מען מקיל]. „און אַפֿילו ווען דאָס איז אַן א, דר', וואָרעם דבֿרי־סופֿרים זיַינען נאָך האַרבּער ווי דבֿרי־תּורה", תּניא, מח. "ומכּל־שכּן אַן א, דר ווי גרינג איז עובֿר צו זיַין וויבּאַלד מע ווייסט ניט די דינים„, ספֿר הנהגות טו[illegible]ות, וואַרשע תּרנ„ב.

א'־הנאה — [...־האַנאָע] דער. <פּסחים, כד/א; מד/ב; <חולין, קטו/ב. פֿאַרבאָט הנאה צו האָבן. ניט מעגן געניסן סײַ מן התּורה, סײַ מדרבנן. [למשל: 'חמץ שעבֿר עליו פֿסח, — אויב ס'איז איבערגעבליבן חמץ נאָך פּסח, טאָר מען עס ניט עסן און אַפֿילו ניט פֿאַרקויפֿן כּדי פֿאַרן געלט צו קויפֿן אַן אַנדער זאַך און געניסן דערפֿון.] „אי□ן ציקל אין מילך... איז עשׂ פֿורבאָטן, איינשׂ פֿון א'־ה„ איינשׂ וועגן איסור עשׂן, איינשׂ פֿון איסור זידן„, טח, שמות, כג, 19, רשי. „מיט אַלע זאַכן

איסוך

מעג זיך דער מענטש היילן, אַפֿילו מיט א'־ה', חוץ מיט דעם לינדנבוים וואָס איז געמאַכט צו עבֿודה־זרה„, מהמ, ווילנע תרס"ז. "דער ביתדין האָט אַרויפֿגעלייגט אויף בשׂר־חוץ אַן א,־ה'". [ווען מע האָט געדאַרפֿט עפּעס פֿאַרווערן איבער סאָציאַלע סיבות, פֿלעגט קהל — מיט דער הילף פֿון בית־דין — אַרויפֿלייגן אַן א'־ה.] „דאָס דײַטשישע געלט, די רעפּאַראַציע וואָס די דײַטשישע רעגירונג צאָלט אונדז איז אומריין און מע דאַרף אַרויפֿלייגן אויף דעם אַן

א,־ה,“.

א'־הסגת־גבֿול — [... ־האַסאָ'גאַס־גוואול]

דער. תּח <לויט אבן עזרא, דבֿריס, יט, 14. פּפֿ

השגת פֿאַרבאָט איבערצורוקן די גרע....

נעץ פֿאַרבאָט מסיג גבֿול צו זײַן. געניצט מיטן

,

ב: פֿאַרבאָט אויסצוקאָנקורירן, אַרײַנגיין יענעם אין וועג; אויסכאַפּן, אויסדינגען אָדער סתּם אַרויסשטויסן עמעצן פֿון אַן אַרבעטס־פּלאַץ.

[אין דער תּנך־תּקופֿה איז דער דין חל געווען בלויז אויף קרקעות (באָדן), ד"ה מע טאָר ניט איבערטראָגן די גרענעץ־שטיינער אָדער אַנדערע סימנים פֿון עמעצנס פֿעלד כּדי צו פֿאַרגרעסערן דעם אייגענעם באַזיץ; אין די צײַטן פֿון דער משנה איז דער דין אויסגעברייטערט געוואָרן אויף האַנדל (לויט ר, יהודה, בבֿא מציעא, ד, יב, טאָר ניט אַ קרעמער צעטיילן צווישן קינדער אָפּגעבערענטע זאַנגען אָדער ניס, ווײַל ער געוואוינט זיי אײַן צו קומען קויפֿן בײַ אים.

אויך טאָר ער ניט פֿאַרקויפֿן ווערלוועלער ווי דער מאַרק־פּרײַז, ווײַל דערמיט ציט ער צו קונים

און נעמט אַוועק די חיונה פֿון אַנדערע; די
חכמים זײַנען אָבער מתיר, ווײַל דורך פֿרײַער
קאָנקורענץ ווערן די סחורות בּיליקער), און
אויך אויפֿן קולטור־גײַסטיקן געבּיט (מע טאָר
ניט צושרײַבּן די רייד פֿון איין תּנא צו אַ
צווייטן. ספֿרי, דבֿרים, יט, 14); אין מיטלעלטער
האָט דער א'־ה'־ג, אַרומגענומען אַלע
עקאָנאָמישע צווײַגן, ווי אויסדינגען אַ הויז, אַ קראָם,
אַן אַכסניא, אַ מיל אע.] „אויבֿ איך וועל זאָגן
צו אַ קונה אַז בּײַ מיר קען מען קריגן צוקער,
בּין איך עובֿר אויפֿן א'־ה,־ג', אָבּער ווען איך
רעכן אויס פֿריִער אַלע קלייטן, וואו ער קען
בּאַקומען צוקער און דערנאָך זאָג איך אַז אויך
בּײַ מיר, האָט דער קונה אַ בּרירה אויסצוקלײַבּן
וואו צו קויפֿן, דעמאָלט בּין איך שוין מער ניט
מסיג גבֿול“, אַש, תּהילים־ייִד.
א, והיתר — [... ווייהעטער] דער. >
פּסחים, כג/א; מה/א. 'פֿאַרבּאָט און
דערלויבּעניש'. איסור און היתּר. דאָס וואָס מע טאָר ניט
און דאָס וואָס מע מעג; דאָס וואָס איז פֿאַרווערט
און דאָס וואָס איז ניט פֿאַרווערט. א, ו, אין
ענינים פֿון מאַן און פֿרוי. א, ו, אין ה ל כ ו ת -
ש בּ ת [אין ענינים פֿון א, ו, בּלײַבּט דער דין
ווי רבֿ, בּכורות, מט/ב]. „... אויף גינומין איין

רבֿ א, ו, פּסקין‟, שו״ת פּני יהושע, אַמשט 1715 [הש I]. „דען די כּוהנים וואַרן פֿסקן א, ו'„, סהמ, יהושע, ד, 4. „דער דא טוט צוויי מאָל דען צאָרין פֿון זײַן רבי איבערשוויַיגן איז ער זוכה אַז [ער] קען פּסקנין א, ו אַליין‟, עיון, נג/ב. “... עשׂרים ואַרבּע און דינים וואשׂ א.

איסוך

ו, איז מוזן זיי [די ווײַבער] לערנן„, אורחות צדיקים, הוראדנא תקנ„ה.

א'־היתון — דער. פֿאַרבאָט זיך מתחתן צו זײַן מיט די אומות־העולם. [באַזירט אויף דבֿריס, ז, 3.] „וואָס זשע פֿאַר אַן איסור בלײַבט? בלויז דער א'־ח, (דער פֿאַרבאָט זיך משדך צו זײַן מיט די גויִים)„, באַש, פֿאָר, 28 1960 X.

א, המור — [... כּאָמור] דער, ־ים ־ים [... כּאַמורים]. >חולין, קא/א; קידושין, עז/ב; כּריתות, כג/א. ,אַ האַרבער איסור, [אָן איסור וואָס פֿאַר עובֿר זײַן אויף אים במזיד קומט כּרת איז אַן א, ח'. עסן חמץ אום פּסח, עסן אום יום־כּיפּור זײַנען א'ים ח'ים.] „אַזאַ חוצפּה פֿון צאַנזער רבֿ! נעמען און אַרויסגעבן אַן א,

ח, אויף דער גאַנצער משפּחה!“, מ. דאַווידזאָן, דער ליעווער רבּי, 1934. „אויסרופֿן אין די קלויזן אַן א, ח, [אַז מע טאָר ניט האַלטן די יתומים און יתומות אין איין הויז]“, חג, טמז, 1965 .I 2

א׳־המץ — [...־כאָמעץ] דער. מצ. נבֿ. >פּסחים, ו/ב. 'פֿאַרבאָט אויף חמץ'. „דאשׂ חס ושלום נימאַנט זאָל געשטרויכלט ווערן מיט דען א׳־ח׳“, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, פֿפֿדמ תמ„ה?, לד/א. א׳—ה, בּמשהו — [בּעמאַשעהו'] א׳־ח, אויפֿן קלענסטן טייל (ווײַל חמץ אום פּסח ווערט ניט בּטל בּששים). „אַזוי דאַרף ער היטן די מצוות... חלילה די קליפּה [פֿון חמץ] זאָל האָבּן אַ בּאַהעפֿטונג אַפֿילו ווי איין האָר די גרויס, דרום איז אום פֿסח דער א׳־ח, בּ',,, קה, ווילנע תּרל„ה, קמ/א.

א׳־טריפֿה — [... ־טרייפֿע] דער. > חולין, לז/א. 'פֿאַרבּאָט אויף טרפֿות'. [א׳־ט, איז חל אויף חיות, טרייפֿע בּאַשעפֿענישן, פֿיש אָן פֿלוספֿעדערן, שרצים, אויף פֿלייש פֿון אַ פֿאַרצוקטער בּהמה אָדער איבּער אַ פּסולער שחיטה, אויף בּלוט, אויפֿן גיד־הנשה, אויף פֿלייש מיט מילך.]

א׳־יהוד — [...־ייִכעד] דער. מצ נבֿ.

>לויט קידושין פּא/א; סנהדרין, כא/ב.
פֿאַרבאָט צו בלײַבן אַליין מיט אַ פֿרעמדער פֿרוי.
□ זי האָט אים געבעטן מיט איר אַרײַנגיין אין
אַ באַזונדער חדר אַרײַן, ווײַל זי האָט מיט אים
צו רעדן אָ סוד, האָט דער רבֿ געענטפֿערט, אַז
עס איז פֿאַראַן אַן א'־י',,, ספֿר דובֿר שלום,
פּשעמישל, יאָר?
א'־כּלאים — [... ־קילאַיִים] דער. <
כּלאים, ט, א; תּמיד, כז/א. 'פֿאַרבאָט אויף
צונויפֿמיש, (פֿון צוויי מינים) [פֿאַראַן פֿיר
איסורי[ריי]־כּ': א) שעטנז — מע טאָר ניט אַנטאָן אַ
מלבוש, געמאַכט פֿון וואָל און פֿלאַקס; ב)
כּלאיבהמה — מע טאָר ניט צונויפֿפּאָרן אָדער
אײַנשפּאַנען אַ פֿערד און אַן אָקס; ג) כּלאי־זרעים —
מע טאָר ניט פֿאַרזייען אויף איין פֿעלד ווייץ
און גערשטן; ד) כּלאי־כּרם — מע טאָר ניט
פֿאַרזייען אין אַ ווײַנגאָרטן קיין תּבֿואות און
אַנדערע געוויקסן]. "דרום איז דער א'־כּ, בכדי
עס זאָל חלילה ניט אָנמאַכן אַ מישונג אין הימל.
אַז דער פּסוק זאָגט 'ולכולם בשם יקרא, [ישעיה,
מ, 6□], אַלץ רופֿט גאָט מיט אַ באַזונדערן
נאָמען", נוצ, פּח/ב.

א,־כּרת — [...־קאָרע□ I דער. <לויט
כּריתות, א, א   פֿארבאָט (צו טאָן אַן עבֿירה וואָס
—   .
פֿאַר איר קומט) כּרת (פֿאַרשניטן ווערן). ,,ווער
מיט זײַן ווײַב איז חס ושלום, אָן דעם דאָס זי
זיך האָט טובֿל געווען... איז ער עובֿר... אויף
אָן א'־כּ',,, הרבֿ מרדכי הורוויץ, ספֿר פּרשת
מרדכי, אונגוואַר 1866. ,,שבת איז אַ גרויסע
הלכה און לײַכט קען אַ מענטש ווערן דערין
געשטרויכלט, חס ושלום, אַפֿילו אין אַן א,־כּ',,,
תּניא, קלז.

א'־מלאָכה — [...־מלאָכע] דער. <מועד
קטן, יא/ב.   'פֿאַרבאָט (צו טאָן) אַ מלאָכה'.
[חול־המועד טאָר מען ניט טאָן קיין אַרבעט
מדאורייתא, אָבער די חכמים האָבן מתּיר
געמאַכט ווען עס איז פֿאַראַן אַ הפֿסד־ממון, אַ
געלט־שאָדן.]

א'־נדר — [...־ניידער] דער. <שבֿועות,
כ/ב.   א) אַן איסור צו טאָן אַ נדר און ניט
מקיים זײַן; ב) אַן איסור וואָס איז חל אויף
עפּעס א י ב ע ר אַ נדר [א) אויב ראובֿן זאָגט
צו שמעונען: כ'טו אַ נדר כ'זאָל ניט עסן בײַ
דיר, מוז ער האַלטן וואָרט; ב) אַ מענטש קאָן

ניט אַסרן ניט זײַנע אַ זאַך אויף אַן אַנדערן].
די חז"ל שטרײַכן אונטער די האַרבקייט פֿון
דעם א־נ, און עצהן מע זאָל זיך בכלל אָפּהאַלטן
פֿון טאָן אַ נדר. (נדרים, ט/א באַזירט אויף
דבֿרים, כג, 23; קהלת, ה, 4; נדרים, כ/א)
דערפֿון שטאַמט 'בלי־נדר'. „אַ ילו מען איז מנדר
בעת צרה איז גוט אַז מע זאָל זאָגן מיט אַזאַ
לשון עס זאָל ניט חל זײַן, חס ושלום, דער א־
נ"„ הנהגות טו ות, וואַרשע תּרנ"ב.

א־נידה — דער. <לויט יבֿמות, נד/ב.
פֿאַרבאָט זיך צו דערנענטערן צו אַ פֿרוי ווען זי
איז אַ נידה. „ווערן נעבעך פֿיל געשטרויכלט
אין דעם פֿאָרכטלעכן א־נ'"„ י. מ. הכּהן, ספֿר
גדר עולם, וואַרשע תּרנ"ב.

א־סתם יינס — [...־סטאָם יעינאָם]
דער. <לויט חולין, ד/ב: שתיה סתּם יינם;
<עבֿודה זרה, כט/בֿ. פֿאַרבאָט צו טרינקען
סתּם פֿון זייערע ווײַנען'. איסור וואָס די חכמים
האָבן אײַנגעשטעלט בכלל אויף ווײַן, אַפֿילו
ווען עס איז אַ ספֿק צי דאָס איז יין נסך. „[זיי]
העטן גערן ניכט נכשל גיוואָרדן אין א־ס, י'...
נאָר עס איז זיי איין בושה“, מרדכי הורוויץ,
ס ר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.

א׳־עולם — [...־אוילאָם] דער. <יבֿמות,
ח, ג; <פּסחים, מד/ב. 'אייבּיקער,
שטענדיקער, אַבסאָלוטער איסור'. "כלאים איז אַן א׳־
ע׳". „חילול־שבת איז אַן א׳־ע׳".
א׳־ערווה — [... ־ערוואָ (ערווע)] דער.
<יבמות, כ/א. פֿאַרבאָט צו פֿאַרקערן מיט אַ
פֿרוי וואָס מע טאָר מיט איר ניט חתונה האָבן.
א׳־ע, איז אויך חל אויף אַן אשת־איש און אויף
אַ נידה, ויקרא, יח, 19־20. מצ: א׳י־עריות [
איסוריי אַראָיעס] — „אויב א׳י־ע, וואָלטן געקענט
חתונה האָבן אין ארץ־ישׂראל, וואָלטן מיר אין
גלות בכלל ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן
אָפּצוהיטן ייִדן פֿון אַזעלכע איסורים„, הרבֿ י. ד.
סאָלאָווייטשיק, ,דרשה', כסלו תשכ„ב.

איסט

א׳־ריבית — [...־ריביס] דער. <לויט
בבֿא מציעא, סג/ב; סט/ב פֿאַרבאָט צו
נע.
מען פּראָצענט. דער וואָס לײַט (געלט, עסנוואַרג,
יעדער מין זאַך) טאָר ניט קריגן קיין שום רווח,
ניט האָבן קיין נוצן. דער א׳־ר, איז חל אויפֿן
לווה, אויף עדות, אויפֿן ערבֿ, און אַפֿילו אויף

דעם וואָס שרײַבט דעם וועקסל. „אונדזערע חכמים האָבן אײַנגעזען דאָס ריבית ברויך גרויס זהירות... ווען דער לווה דען מלווה נוצן מאַכט איז עס אָסור מחמת א'־ר",,, מ. הלוי הורוויץ, פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.

א'־שבת — [...־שאַבעס] דער. <בבָא קמא, קיב/א; שבת, צא/ב. פֿאַרבאָט צו טאָן אַן אַרבעט אום שבת. ← אָבֿ־מלאָכה, ב, I, ז, 22 [פֿאַראַן מלאָכות וואָס מדאורייתא מעג מען זיי יאָ טאָן, נאָר די חכמים האָבן געאַסרט צוליב דרײַ טעמים: א) משום שבֿות — צוליב רוען — למשל, אַרויפֿקריכן אויף אַ בוים, רײַטן אויף אַ בהמה; ב) משום רשות — ווי מע וויל, אָבער עס איז גלײַכער אַז ניט — למשל, פּסקנען אַ דין־תּורה, מקדש זײַן אַ פֿרוי; ג) משום מצווה — הגם אינדערוואָכן איז עס אַ מצווה, אָבער שבת און יום־טובֿ זײַנען זיי פֿאַרבאָטן. למשל, אָפּשיידן תּרומה און מעשׂר].

א'־שעה — [...־שאָאָ] דער. <כּתובות לד/ב. פֿאַרבאָט אויף אַ צײַט, ד"ה צײַטווײַליקער איסור. אַ נדר איז אַן א'־ש,; דאָס ניט עסן פֿלייש אין די נײַן טעג איז אַן א'־ש'.

א'־שעטנז — [... ־שאַטנעז] דער. ← א'־כלאים. „אויב מע קען אויסקומען אינגאַנצן

ניט צו טראָגן וואָלענע קליידער איז נאָך
בעסער, ווײַל עס איז שווער זיך אויסצוהיטן פֿון
א׳־ש,,, חג, טמז, 30 1959 X.
א׳־תּורה — [... ־טוירע] דער. <פּסחים,
בד/א   פֿאַרבאָט פֿון דער תּורה. דזוו איסור
.
מן התּורה, איסור (מ)דאורייתא. ,,כּישוף איז
איין א׳־ת׳,,, הנהגות טובֿות, וואַרשע תּרנ״ב.
א׳־תהומין — [... ־טכומין] דער. <לויט
חגיגה, טו/א פֿאַרבאָט איבערצוגיין די
גרענע.
צן. [די חכמים האָבן מתקן געווען, אַז שבת
און יום־טובֿ מעג מען אַרויסגיין פֿון שטאָט —
אין יעדער זײַט — נאָר אַ תּחום־שבת, 2,000
איילן.] געניצט אויך מיטן ב: פֿאַרבאָט
איבערצוטרעטן די גרענעצן פֿון הע□לעכקייט,
אָנשטענדיקייט. ,,האַלט זיך □ אין די ראַמען פֿון
דער דיסקוסיע און זײַט ניט עובֿר אויפֿן א׳־ת׳,,.
איסורן — טרוו. איצ, אימפּ נב; געאיסורט.
דזוו אַסרן □.. ,,איר זענט זיך... געזעסן אויף
די רבנישע שטולן, געמתמ□דט, געאיסורט,,, ייִל
מ□.ן ספֿר הזכרונות, קיִעוו 2 1882, No.
איסט — די. בא. אַמ. □ 1 .<□ :eas. מזרח,

מזרח־זײַט. 2. דער מזרחדיקער טייל פֿון די
פֿאַראייניקטע שטאַטן. „ער לעבט ערגעץ אין
דער א', אָבער איך ווייס ניט צי אין ניו־יאָרק,
צי אין באָסטאָן“.
איסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
סובסטאַנטיווירטער סופֿיקס ־יסט. “צוויי צעמישטע
נישטן־איסטן, האָבן תּמיד זיך געאַמפּערט„,
יהואָש, 'וחלקלקות...', 1907.

איסטאָטשניק
איסטאָטשניק—דער, ־עס. רוסיצ. 1. קוואַל.
קלאָר וואַסער ווי פֿון אַן א'. 2. מקור, קוואַל
פֿונוואַנען מע קען עפּעס אַרויסבאַקומען. “
געפֿינען נײַע א'עס פֿונוואַנען צו באַקומען זייער
געהאַלט“, ממוס, קליאַטשע.
איסטאַמבו'ל — גנ. אויך: איסטאַנבול.
טערקישער נאָמען פֿאַר דער שטאָט
קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין ייִדיש און אין עלטערע
ספֿרים: סטאַמבול, קושטא,
קאָנסטאַנדינאַ [1967 — 2,302'438 אײַנוו'; 34'000
ייִדן]. „אין יאָר 4062 האָט דער קעניג געבויט
די שטאָט סטאַמבול, ער האָט זי גערופֿן מיטן
נאָמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויף זײַן נאָמען“,
ח. ש. סליווקין, הנודד, דער נעונדניק, וואַרשע

תּרנ"ג.

איסטאָפּניק — דער, ־עס. רוסיצ. הייצער, אויוון־הייצער, ספּעצ בײַם דאַמפּקעסל פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו אָדער דאַמפּמאַשין.

איסטאָריע — די, ־ס. דזוו היסטאָריע, דערציילונג, מעשׂה. „אַלע רוצחים און שפּיאָנען קענען זיך מיט דער א, אויסהעלפֿן„, א. פּאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תּקצ„ח. „די דאָזיקע א, אין אַ נײַער אויפֿטראַכט און על־פּי נימוסי הקיר"ה [הקיסר ירום הודו] טאָר מען ניט נאָכדרוקן... אָן דעם רשות פֿון דעם מחבר ביז ▯ ינף און צוואַנציק יאָר", דער אַקציזניק זשיטאָמיר 1886.

(אי)סטי'סק — דער. מצ נב. פּפֿ: איסציסק. רוסיצ. ענגשאַפֿט, שטופּערײַ, דרענגעניש. קריכן אין רעכטן א'. „מע האָט זיך צעריסן לויבנדיק דעם חזן, עס וואַר אַ גרויסער איסציסק, מען איז געוואָרן שיִער דערשטיקט", אמד, דער חזן, ווילנע 1874.

איסטמוס — דער, ־ן. אויך: איסטמע. <איי <גר. 'לאַנדהאַלדז'. שמאָלער פּאַס לאַנד וואָס פֿאַרבינדט צוויי אַ סך גרעסערע טיילן יבשה. „די וואַסערלייטונג פֿון

קאַרטאַגאָ... איז
גלאָפֿן איבערן גאַנצן א,,,,
אַמעריקאַנער, 24 1958 I.

איסטניס — [אי'סטענעס] דער, ־ן (־ים▯. פּפּ▯
איסתניס. <בּרכות, ב, ו; <פּסחים, קח/א.
מפֿונק, איבערקלײַבער פֿײַנשמעקער
פֿאַרצער, ,
טלטער. [די הלכה איז מקיל לגבּי אים. ער מעג
פֿאַרלאָזן די סוכּה אויב ער קאָן ניט פֿאַרטראָגן
דעם ווינט, אַרומוואַשן דאָס פּנים אָדער טראָגן
סאַנדאַלן אום יום־כּיפּור, אאַ.] ,,בײַ

פֿאָלקלאָריסטישער אַרבעט קומט אָבער אָ▯ט אויס אַז
מע טאָר צו פֿיל א, און מפֿונק ניט זײַן'', יע,
דאַווענען, וואַרשע תּרע''ח. ,,אויב מען איז נאָר
ניט קיין א'... איז גאָרניט שלעכט'', פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ''זיך געהאַלטן פֿאַרן א,
וואָס די גמרא זאָגט וועגן אים, זײַן לעבן איז
קיין לעבן ניט, ווײַל... אים עקלט אָפּ פֿון
אַלץ וואָס איז ניט איידל און ניט זויבער'', חג,
צמח אַטלאַס.

איסט־סײַד — די. בא. אַמ. 'מזרח־זײַט.,
שטאָטטייל פֿון ניו־יאָרק, אויף דער

מזרחדיקער זײַט פֿון מאַנהעטן, וואו עס האָבן
זיך קאָנצענטרירט ייִדישע אימיגראַנטן פֿון
מזרח־אייראָפּע, ספּעצ ביז די צוואַנציקער יאָרן
פֿון 20. י״ה. זיך וואַלגערן אויף דער א,־ס'.
,,... ווען איך רײַס זיך ניט אַרויס פֿון דער
א,־ס', וואָס וואָלט פֿון מיר געוואָרן?,,, אָפּאַ
היבּרו. ,,גאָט פֿון אַבֿרהם האָט דעם שבּת
באַגלייט אויפֿן אויסגעשטערנטן הימל פֿון א'־ס'“,
בעריש ווײַנשטיין, צוק, אַפּריל 1964.
איסטסיידער — דער. אײַנוואוינער פֿון דער

איסטסײַד.
איסט־ענד — די. בא 'מזרח־סוף,. קוואַרטאַל
אין לאָנדאָן (ענגלאַנד) וואָס איז געווען אַ
צענטער פֿון ייִדישע אימיגראַנטן ביז דער ערשטער
וועלט־מלחמה.
איסטע'ץ — דער. מצ נב. רוס. מאָנער, תּובֿע
אין אַ געריכטלעכן פּראָצעס. “דער פּאָטער פֿון
דעם מיידל... איז אויפֿגעטראָטן אַלס
גראַזשדאַנסקי א, [אַ געלט־מאָנער בײַ אַ קרימינעלן
י
ענין]“, ייִדאָל, 39 1885, No.

איסטער — דער, ־ס (זן). אַמ. □ □e□as□[]:□<.
קריסטלעכע פּאַסכע. „ס'איז טאַקע בלויז אַ פּאָר טעג צו דער א,־חגא“, טאָג 26 1959 III.
א'־פּ אַ ר אַ ד.

איסטע'ריקע — די, □ס. רוסיצ. דזוו היסטעריע.

איסטראַזיע — די, ־ס. פּטמ. דזוו עסטראַדע.
„איז אָנגעקומען די טשערע ער זאָל זײַן אויף דער א'“, מפּענח נעלמיס, וואַרשע 1889.

איסטראַטען — טרוו. ־טע, איסטראַטעט.
רוסיצ. ל2. צעטרענצלען. פּטרן (געלט) אָן נוצן אָדער אָן זינען. א, די פּאָר רובל אויף שמאָכטעס. א, די יאָרן אויף פּוסטע חלומות.

איסט□רי'ג, ־רי'ד — דער, ־ן. לאַקל (כאָטימסק אָדער כאָצימסק, מאָהילעווער גובּ,). □[□I]□c:□<.
דורכפּאַל, אומגעלונגענער גאַנג אין אַ שפּיל פֿון קינדער, ספּעצ בײַ פֿאַרשיידענע פֿילקעשפּילן, ווען עס גיט זיך ניט אײַן צו קלאַפּן אָדער צו כאַפּן די פּילקע.

איסט־ריווער — דער. גנ. ,מזרח־טײַך,. טײַך אין שטאַט ניו־יאָרק, קרובֿ 30 קמ, לאַנג. מזרחדיקער אַרבל פֿונעם טײַך האָדסאָן. טיילט אָפּ בּרוקלין און קווינס פֿון מאַנהעטן. נאָמען פֿון

שלום אַשס אַ ראָמאַן.
איסטרייך — גנ. [אַרויסרייד?] אַרכ. דזוו עסטרײַך. ,,... אונ, אויף גנומין וואַרדין צו ראָש ישיבֿה אונ, אבֿ״ד בּקהילה קדושה ווינא, דיא הוך בּרימטי גיליבּטי שטאַט אין דעם לנד ש[אַ]פּט איסטרייך״, 'כּ״י מגלת איבֿה', 1703.
איסטרעבּיטעל — [ווייכע ל] דער, ־עס. רוסיצ 1 פֿאַרדאַרבּער פֿאַרטיליקער, אומ־
,   .
בּרענגער. אַן א, (מיטל) פֿאַר מוראַשקעס. אַ נאַצישער א'. 2. סאָוו. בּעת דער צווייטער וועלטמלחמה — דײַטשישער בּאָמבּאַרדיר־עראָפּלאַן.
איסטרעבּעווען — טרוו. ־בּעווע,
איסטרעבּעוועט. רוסיצ. אויפֿפֿאָדערן, אַרויס אָדערן. א, עמעצן (זיך צו מעלדן) אין דער פֿאָליציי.

איסלאַ'ס

איסטשאַכנען — אוטוו. ־נע, איסטשאַכנעט. רוסיצ. אײַנטריקענען, אײַנקיואַרן, ווערן אײַנגעדייוועט. נאָך אַ שלאַפֿקייט א, ווי אַן אָפּגעדאַרט צווײַגל.
איסטשעזנען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ־נעט, איסטשעזנעט. געוויינלעך אין פּאַסיוו.

איסטשעזנעט ו ו ע ר ן. סל. אוקר. מג
פֿאַר.
שווינדן פֿאַרלוירן גיין. א, פֿון אונטער די
.
הענט. א, ווי אין וואַסער אַרײַן. קללה:
איסטשעזנעט זאָלסטו (מיר) ווערן!

איסי□ם — די. בּמ גאָטספֿאָרכטיקע סעקטע
אין די צײַטן פֿון בּית שני און די וואָס געהערן
צו איר. „האָבּן אינגאַנצן אָפּגעלייקנט דעם
מלוכה־פּרינציפּ... זיך אַנטוויקלט צום סוף
פֿון דער חשמונאָים־עפּאָכע... ניט מער
געציילט ווי 4'000 מאַן... האָבּן אָפּגעוואָרפֿן דאָס
שטאָטישע לעבּן... די א, האָבּן פֿאַרמאָגט אַ
שטאַרקע אָרגאַניזאַציע מיט זייער אַ שטרענגער
דיסציפּלין... די ווירטשאַפֿט האָט זיך געפֿירט
אויף... [בּשות□ותדיקע] יסודות... יעדער
האָט געמוזט פֿאַרדינען אויף חיונה דורך
פֿיזישער אַרבּעט... דאָס רובֿ א, פֿלעגן ניט חתונה
האָבּן. בּנוגע רעליגיעזע דאָגמעס און עטישע
גלייבּונגען האָבּן די א, פֿאָרגעשטעלט מיט זיך
בּלויז אַן עקסטרעמע פֿאָרעם פֿון די פּרושים“,
ל. האָדעט, שד II, זז, 183 — 186. געהערן צו
די א'. האַלטן פֿון די א'. [די מגילות פֿון
ימהמלח, געפֿונען אין 1947, זײַנען משמעות אַ

טייל פֿון דער א׳־גניזה.] איסיאיזס — דער. שיטה פֿון איסיִים.

אי סייפֿא לא ספֿרא — ... סײַפֿע לוי סאַפֿרע] זאַץ. תּח. <עבֿודה זרה, יז/ב. איז ער אַ שווערדפֿעכטער — (קאָן ער ניט זײַן) קיין סופֿר. [צווייטע העלפֿט: אי ספֿרא לא סייפֿא — אויבֿ אַ סופֿר, (קאָן ער ניט זײַן) קיין שווערדפֿעכטער. געניצט מיטן בּ: תּורה און מלחמה פֿאָרן זיך ניט, האַרמאָנירן ניט; גײַסטיקע און פֿיזישע אייגנשאַפֿטן און מעלות גייען געוויינלעך ניט צוזאַמען.

איסכאָ׳קטאָן — דער [אויסגעלייגט: איסכוקטין פֿון אַ צווישנפֿאָרעם: 'איסטאַקטאָן,]

,

<גר: 0 , .o.7. שמעקעדיקע גומי. ,,עשׂ טריפֿט פֿון אינן איין האַרץ דער האָט גאַר זער איין גוטן זיסן גישמאַק אונ, זײַן נאמן דער איז איסכוקטין אונ, דיא קלוגן אי דעם לאַנד פּרס דיא דעמפֿפֿן דאַר מיט צו אירן אבֿ געטרן אין אירן טעמפֿילן“, יוסיפֿון אַמשט 1661, נ/2. ״עשׂ טריפֿט פֿון דיא בֿעם [= בֿיימער] איין גומא דר זער גוט ריכט אונ, ער ווערט גנענט איסכוקטין“, יוסיפֿון, אַמשט 1743.

אי'סכ אַס — די. בּא <איי <גר. (מעדיצין)
דזוו אישיאַס, ←.. אָנצינדונג פֿון סקיִאַטישן
נערוו פֿון שפּיץ פֿון חוט־השדרה, מיט ווייטיקן
אין היפֿט, אין אַ פֿוס. "לײַכטע פֿאָרמען פֿון א,
(סציאַטיק) גייען געוויינלעך אַדורך מיט פּשוטע
מעדיצינישע און אָרטאָפּעדישע מיטלען", פֿגעז,
פֿאַריז 2 1948, No.
איסלאַ'ם — דער. בּא. <איי <אַראַביש
[= דאָס אונטערגעבּן זיך (גאָטס ווילן)]. .־

איסלאַנד

סולמענישער אָדער מוחמדאַנישער גלויבּן,
אויפֿגעקומען אין 7. י,,ה. דאָס הייליקע בּוך — דער
קאָראַן. דער יסוד: ניטאָ קיין גאָט חוץ אַלאַ,
און מוחמד איז זײַן נבֿיא. דער מאָנאָטעאיזם
פֿון א, איז איבּערגענומען פֿון דער ייִדישער
אמונה. ,,די נײַע רעליגיע ון די אַראַבּער, דער
א', האָט בּאַהערשט דעם אַז אַטישן מערבֿ אין
י
עטלעכע געציילטע יאָרצענדליקער,,, שד III.
,,... צו דער איינציקער וואַנט צו דער
וויסטער — ניט־געבּעטענע געסט פֿון א',,, אַל 'דער

אָמאַר מעטשעט'. „אין דער ליטעראַטור פֿון דער
אָנהייבצײַט פֿון א, זײַנען די ייִדן מפֿורסם מיט
זייער כּישוף־חכמה„. מתּתיהו מיזיש, 'אַנדערש
גלייביקע, [ייִבֿל 1 ,XIII־2]. ־יזס — דער.
דאָקטרין, סכום עיקרים פֿון איסלאַם ־י(ס)ט —
.
מוסולמענער. ־יש — אַדי. ־יזירן — טרוו.
מאַכן איסלאַמיש. משפּיע זײַן אָדער
אַרויפֿצווינגען מע זאָל אָננעמען דעם איסלאַם. ־יזירט
— אַדי. "ווען מע רעכנט נאָך אַרײַן די השפּעה
פֿון די באַזיגטע א'ע פֿעלקער, באַקומט מען
עפּעס וואָס איז אַ שמעלצטאָפּ", צײַט, טמז,
.IX 19▯7 22
איסלאַנד — גג. 'אײַזלאַנד'. אינדזל אין
צפֿון־טייל פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן [1966 —
150'000 אײַנוו']. געווען פֿאַראייניקט מיט
דענ(ע)מאַרק; זינט 1874 מיט אַן אייגענער
קאָנסטיטוציע; זינט 1918 אַ זעלבשטענדיקע מדינה,
אָבער פֿאַראייניקט מיט דענ(ע)מאַרק דורך אַ
בשותּפֿותדיקן קיניג; זינט יוני 1944 אַן
אינגאַנצן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק ־יש —
.
אַדי. א'ע לידער. אויך סובֿ: די שפּראַך פֿון דער
באַפֿעלקערונג פֿון א', נאָענט צו נאָרוועגיש.

־ער, אויך: איסלענדער — סובּ & אַדי.
אײַנוואוינער פֿון איסלאַנד, מיטגליד פֿון
איסלאַנדישן פֿאָלק. א, מאָ ך = 1־(raria islan e)
a)i.   מיטל קעגן הוסטן. געניצט אויך ווי
שפּײַז. „ווען דאָס הוסטן איז שטאַרק זאָל מען
נעמען... איסלענדער מאָאָס אויך אייביש טיי
און זיסהאָלץ־וואָרצל... צעקאָכן... פֿון דעם
טרינקען", א. י. שפּערלינ ליקוטים II, לעמבערג
תּרס„ט.
איסל(י)ע'דעווען — טרוו. ־דעווע,
איסליעדעוועט. רוסיצ. געריכ לעך אויספֿאָרשן. א, ווער
עס איז דער מערדער א, דעם קרימינאַלניק.
(אי)סמאָטדיטיעל — [ווייכע ל] דער, ־עס.
רוסיצ.   אויפֿזעער פֿאַרוואַלטער. „... דיזער
קוכאָווסקי איז דאָרטן געזעסן אַלס אַ גרויסער
אַדל (שׂררה) אין דער וואוינונג פֿון דעם א,
וואָס וואַר דאַן איבער דאָס געפֿענגניס־הויז„,
אמד, דיא לעבענס געשיכטע פֿון נטע גנ ,
ווילנע 1887.
איספּאָהאַנען — טרוו. ־האַנע, איספּאָהאַנעט.
סל. ,r]] [ ]o] : .<u.] a] na(: .<.

פֿאַראומרייניקן. מאַכן עס זאָל ווערן עקלדיק, אָפּשטויסנדיק. א, די חתונה מיט אַ שיכּורן געשלעג. מיט ז י ך.
אי'ספּאָוו(י)עד — [ווייכע ד] די, ־ן. רוסיצ. דאָס זיך מתוודה זײַן פֿאַר אַ קריסטלעכן גײַסטלעכן. נאָך א, — אין שענק אַרײַן, אָפּשווענקען

1327

די אַלטע זינד. ,,האָט דער ערצבישאָף אַ צירקולאַר אַרויסגעגעבן, וואו ער פֿאַרבאָט זיי [= די גײַסטלעכע] די רוטענער ניט מכפּר צו זײַן בײַם א, אויף דער עבֿירה אַז זיי האָבן געדינט אַ יאָר בײַ יי[illegible]ן,,, קמ 4 1865, No.
איספּאָוו(י)עד(י)ע(ווע)ן (זיך) — א, זינד. זיך א, פֿאַרן גלח. ,,די פֿאַראורטיילטע האָבן זיך איספֿאָוועדיעט“, קמ, 27 1867, No.
איספּאָטאָשען — טרוו. ־שע, איספּאָטאָשעט. סל. הרובֿ מאַבן, רואינירן, איבערפֿירן. ,,['ואִולת בידיה תּהרסנו'] — אַ שלימזלניצע איספּאָטאָשעט נאָך מיט אירע אייגענע הענט,,, מס, משלי תּקע,,ד, יד, 1.
איספּאָטקע — די, ־ס. וורר. הענטשקע מיט איין פֿינגער.

איספּאָלאָשען — טרוו ־שע, איספּאָלאַשעט.

.

סל. איבערשרעקן (וועגן בעלי־חיים). א, די פּערד. צעטרייַבן (וועגן פֿייגל אע).

איספּאָלאָשעט — אַדי. איספּאָלאָ'ך — דער.

איספּאָל נ(י)ען — טרוו. ־נ(י)ע, איספּאָלנ(י)עט.

פּפּ: איספּאָלניאַיען. רוסיצ. אויספֿאָלגן, מקיים זײַן, טאָן דאָס וואָס ס'ווערט פֿאַרלאַנגט (פֿון דער מאַכט). „זײַנע קייסערלעכע מאַיעסטעט איז אַזוי גוט געוועזן... צו ערלויבן יִדישע מעכאַניקער... רעמעסלעניקעס צו זיצן אומעטום... און געהייסן א'„, קמ, 30 1865, No. „ווי דיזער אוקאַז איז געוואָרן געמאַכט באַקאַנט אין אַלע שטעט, האָט מען אים איספּאָלנאַיעט אין זיבן טעג", אמד, הדרת זקנים, ווילנע 1864. „די צוואָה פֿון אַ שכיבֿ־מרע — האָבן אַלע געשריִען — איז הייליק, מע מוז זי איספּאָלנען, ווען ניט נעמען זיי אויף זיך אַ גרויסע זינד„, זבֿ, דער קליינער כל־בוניק, אַדעס 1885. — ניטעלני ליסט — אַקט פֿון רוסלענדישן געריכט אויף אײַנצומאָנען אַ חוב.

איספּאָלקאָ'ם — דער, ־ען. סאָוו. קירצונג פֿון 'איספּאָלניטעלני קאָמיטעט, —

אויספֿירקאָמיטעט, עקזעקוטיוו. ־אָווען — דער.

איספּאָ'לשטש ינע — די, ־ס. רוס, פּויל.
סיסטעם פֿון אַרענדע, ווען דער פּריץ גיט אָפּ
ערד צו בּאַאַרבּעטן מיטן תּנאַי אַז דער פּויער
זאָל אָפּצאָלן מיט אַ העלפֿט פֿון דעם
אַראָפֿגענומענעם שניט. ־יק — דער. פּויער וואָס
בּאַאַרבּעט ערד אויף איספֿאָלשטשינע.
איספּאָראָנ דז(י)ען — טרוו. ־דז(י)ע,
איספּאָראָנדז(י)עט. פּפֿ. ־דזשען. סל.: <.

.

ת, כ ק[no). אײַנפֿירן אָרדענונג, גוט
אַוועקשטעלן בּאַלעבּאַטישקייט. ,,ועלכע קלוג
איז צישן ווײַבּער די האָט איספּאָראָנדזיט
['בּנתה'] איר הויז,,, מס, משלי תּקע"ד, יד, 1.
איספּאָרטשען — טרוו. ־טשע, איספּאָרטשעט.
סל. קאַליע מאַכן, איבּערפֿירן. 'איסגאַדיל
וועאיספּאָרטיל וועאיספראַוויט ניע מאָזשעט, —
איבּערגעפֿירט און קאַליע געמאַכט און קען ניט
פֿאַרריכטן — פֿאַראָדיע אויף יתגדל ויתקדש.
,,אונדזערע ייִדישע ליטווישע נעמע זײַנען...
פּראָסט געזאָגט איספּאָרצעט. אַזוי ווערט פֿון...

יוסף — יאָסקע פֿון יהודה — יודקע...“, אמד,

,

דער בן יחיד, ווילנע 1875. ,,אַראַם! מע האָט

איספּראַווניק

דיך פֿאַרפֿירט, מע האָט דיך איספּאָרטשעט“,
ממוס, קמ 4 1865' No. אויך מיט ז י ך.
איספּאַרעניע — די, ־ס. רוסיצ. אויסדאַמפּ,
אויסדאַמפּונג (. 210). ,,... אין דעם זומפּ,
אין דער בלאָטע פֿוילן ביימער, קערפּערס פֿון
טויטע חיות און זעטיקן אָן די לופֿט מיט
אומגעזונטע שעדלעכע גאַזן־א'ס; פֿון די א'ס
פֿאַרשפּרייטן זיך פֿיל קראַנקייטן“, בלעטער, 16 No.
איספּודיען — טרוו. ־דיע, איספּודיעט. פּ .
איספּו(ד)זשען. [][a כ][][ ](,נ][i : <.
סל. איבערשרעקן (וועגן בעלי־חיים). א, די
פֿערד. א, די גענדז אויפֿן וואַסער. אויך מיט
ז י ך — ,,דאָס פֿערד איז אַ יונג פֿערד... איז
טאָמער וועט ער זיך א', וועלן אים צוויי
ייִנגלעך ניט קענען אָפּהאַלטן“, זש, ש לאָווער
קינדער. ,,דער שדכן האָט זיך פֿון דיזן פֿאָרשלאָג
איספּוזעט,,, אמד, באָרוסקע דער שומר, ווילנע

.1871

איספּו'סק — דער, ־ן. רוסיש. אַראָפּשטײַ , אַראָפּפֿלייץ. אַרויספֿלייץ. „.... האָבּן זיי דערזען אַ וואַל פֿון אײַז וואָס איז הויך... און לאַנג גאָר אָן אַ שיעור... און די וואַסער פֿון מער שפּאַרט אַריבּער איבּער אים און גיסט זיך אַריבּער ווי איבּער אַן א„„ אמד, דער וואַלפֿיש, ווילנע תּרכ״ו.

איספּיטעווען — טרוו. ־טעווע, איספּיטעוועט. רוסיש. אויספּרוּוון עפּעס, איבּערלעבּן. א, כּלערליי צרות. „פֿיל זאַכן האָבּן זיי זיך אָנגעזען אויף דער וועלט, זיי האָבּן אַלץ איספּיטעוועט“, א. מ., אַ שיינע געשיכטע פֿון דרײַא פּרינצעסין..., וואַרשע 1878.

איספּי'לטשיווע — אַדי & סובּ. פּפֿ:

איספּי'טשליווע. אויך: ספּילטשעווע.: >.

[ ]י[ ] B. רוסיש. הייסבּלוטיק, ווער עס ווערט גרינג אויפֿגערעגט, צעקאָכט. „אַן א, פּאַרשוין, וואָס עפּעס וואַרפֿט ער זיך מיט קולאַקעס“. אַן א'ר צינדט זיך גלײַך אָן וו אַ

י

שוועבּעלע.

איספּעלנ(י)ען — טרוו. ־ניע, איספּעלניעט. ל2.

סל. ִיb<·i>[s:ׁ<. פר, אוקר. אויספֿירן,
דורכפֿירן (דאָס וואָס מען איז מחויבֿ). א אַ

,

פֿאַרלאַנג. א אַן אוקאַז. „צי װעל איך עס ניט

,

א"“, ייִל, דאָס פוילישע יונגעל, אַדעס 1895. „די
איבֿעריקע דרײַ זאַכן א, מן־הסתּם וועט דיר
גאָט אויף העלפֿן“, א. מ., אַ שיינע געשיכטע
ון דרײַא פּרינצעסין... וואַרשע 1878.
איספּראַווי'טעלנע — אַדי. סאָוו. (װעגן
שטראָף, תּפֿיסה פֿאַרשיקונג) וואָס דינט אויף

-

,

אויסצובֿעסערן (דעם פֿאַרמשפּטן). קריגן צען
יאָר א, אַרבֿעט. אויך מיט ד אָ ם [= הויז].
איר. גיין אויף דאַטשע אין א, דאָם.
איספּראַוו ניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס.
דזוו ספּראַווניק. אין צאַרישן רוסלאַנד אָנפֿירער
פֿון פֿאָליציי אין גאַנצן אפּיעזד (. 388). „דער
מיניסטער פֿון אינערן באַשטימט די

גובערנאַטאָרן, דער גובערנאַטאָר — דעם א'", ב. ב־קי,
אונזערע פֿאָדערונגען, זשענעוו 1905. אַן א אַ

,

רשע־מרושע.

איספּראַוונע

איספּראַוונע — אַדוו & אַדי. רוסיצ.
קאָרעקט, פּינקטלעך. טאָן אַן אַרבעט א'. אַן א,
אַרבעט.
איספּראַווען — טרוו. ־ווע, איספּראַוועט. רוסיצ.
1 פֿאַרריכטן, רעמאָנטירן עפּעס וואָס איז
קאַ.
ליע אָדער רואינירט. א, דעם דאַך (עס זאָל
ניט אַרײַנרינען). 2 פֿאַרבעסערן, מתקן זײַן.

.

א אַן אָפּגעטאָנענע עוולה. 3. מיטן פֿאַרקערטן

,

ב: קאַליע מאַכן. ספּעצ מיט סעקסועלן ב. ,,זי
באַקלאָגט זיך אויפֿן בעל־הבית אַז ער טשעפּעט
זי... שוין? ער האָט זי שוין איספּראַוועט?,,,
סעקלער, יוקעל גנבֿ נ"י l909. מיט ז י ך —
אויך דזוו ספּראַוועו זיך פֿאַרטיק ווערן מיט

עפּעס אָדער עמעצן. זיך אַן עצה געבן. זיך א,
און אויפֿהערן צו שיכּורן מיט וואוילע־יונגען.
,,איך וועל זיך א, אָן דײַנע עצות‘‘. ,,קיין
באַרבער וויל איך ניט זי זאָל זײַן. איך וועל מיך א,
אַליין‘‘, אַר, 'דעם באַרבערס ווײַבל'.
(אי)ספּראַווקע — די, ־ס. רוסיצ.
אָפֿיציעלער אָנפֿרעג. אינפֿאָרמירונג בײַ אַן אַמט. מאַכן
אַן א, וועגן די פּאַראָנדקעס אין דער טאַקסע.
,,איך וויל איר זאָלט זאָ גוט זײַן... זיך
באַמיִען אַוועקגיין אין טורמע און מאַכן אַן א',
וואָס איז מיט אים‘‘, י. ד. טאָיב, דער קדיש...,
ווילנע תרמ״ט. ,,פֿריִער פֿאַר אַלץ האָט ער
געמאַכט איינע געהעריקע א, פֿון ביידע פּאָצטן‘‘,
אמד, דיא שיינע מינקע, ווילנע 1886.
(אי)סציסק — ← איסטיסק.
איסק — דער, ־ן. רוסיצ. אויך: איסקע, ־ס.
תּביעה דורכן געריכט. ,,האָט ער נאָר אַן א',
מוז יענער האַלטן דעם פּיסק‘‘, נײַע פֿרעהליכע
אָלקס ליעדער, פּשעמישל 1910. ‘‘איז דער
רעפֿערענט... געקומען... און האָט אײַנגעגעבן
אויפֿן 'קאַפֿעליוש, און אויף אַלע ייִדי יסטן אַן
א',,, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
איסקאַליטורע — די, ־ס. בעס, מאָלדעוואַניש.

אונטערשריפֿט, חתימה. אַוועקלייגן די א'. „אָן
דער א, האָט דער דאָקומענט קיין שום ווערט
ניט,,.
איסקאַל(י)עטשען — טרוו. ־ל(י)עטשע,
איסקאַל(י)עטשעט. סל. 1. קאַליע מאַכן. צעפּטרן,
איבערפֿירן. א אַן אַרבעט מיט צוויי לינקע
,
הענט. “מוז ער טאַקע א, די קינדער, שלעכט
דערציִען,,, ייִפֿאָל□ 47 1887, No־48. 2. מאַכן
פֿאַר אַ קאַליקע. א', מאַכן פֿאַר אַ בעל־מום.
מיט ז י ך.
איסקאַסעווען — טרוו. ־סעווע, איסקאַסעוועט.
□a□ 'skaso: □<. ל2. סל. 1. אָפּשאַפֿן.
אויססקאַסירן, אַנולירן. א, דעם פּסק־דין. א, אַ חובֿ.
2. אויסלײדיקן. געניצט אויך װעגן די
נאַטירלעכע באַדערפֿענישן.
איסקאָסען — טרוו. ־סע, איסקאָסעט. רוסיצ.
דזוו אויסקאָסען, אויסקאָשען □., 334.
(אי)סקאַסקע — די, ־ס. רוסיצ. דאָקומענט
וועגן אָפּשטאַם. „איז אַראָפּגעפֿאָרן אַהין אַ
געוויסער בעל־השבעה אום צו דערגיין וועלכע
קדושים זײַנען דאָרט מקובר... און האָט פֿון
אַלעמען ביז איינעם געמאַכט איינע א'...

שריבּן ווער זיי זײַנען", אמד, דער ליטוואַק אין וואָליניען, ווילנע 1870.

איסקאָ'צל — ← סקאָצל. „(איציק, דערזעענדיק דוואָסיען) אַ, א, קומט, דוואָסיע„, ממוס, פּרי יוו.

איסקאָרענייען— טרוו. ־נײַע, איסקאָרענייעט. אוקר. אויסוואָרצלען. דזוו אויסקאָראָנייען (335). "די פּרנסה האָט זיך אַזוי אײַנגעוואָרצלט... מע זאָל קענען דאָס געשעפֿט א, (אויסראָטן)", ייִפּאָל, 13 1887, No.

איסקאָשען — טרוו. ־שע, איסקאָשעט. רוסיצ. אָפּשנײַדן מיט אַ קאָסע. א, דאָס גראָז אַרום דער שטוב. אויך מיט ז י ך — אויסלאָזן זיך. „וואָס עס האָט געזאָלט זײַן און וואָס עס וועט זײַן, זאָל זיך א, אויף אונדזערע שׂונאימס קעפּ", קמ, 1869, No 19. „זי שפּרעכט אָפּ עפּעס אַ פּראָסטע שפּרוך וואָס זי קען נאָך פֿון מיידלווײַז אָן: 'אויף די רשעימס קעפּ, רבּונו־שלעולם, זאָל זיך עס א"", י. קיפּניס.

איסקוטשען — טרוו. ־טשע, איסקוטשעט. אויך: איסקוצען. סל. לאַנגווײַליקן (

עמעצן). א, עמעצן מיט אַלטע מעשׂיות. מיט ז י ך — „איך האָב מיך דאָרט פֿאַרווײַלט אַ וואָך זעקס, ניין, ניט פֿאַרווײַלט נאָר געלאַנגווײַלט (איסקוצעט)“, אמד, 'אַ משׂכּילס אוטאָפּיע, [ייִבֿל I ▯ XXX, 151].

(אי)סקופּשטשיק — דער, ־עס. רוסיצ. אויפֿקויפֿער. ווער עס קויפֿט אויף סחורות פֿאַר מסחר. א, פֿון בהמות.

איסקליוטשען — טרוו. ־טשע, איסקליוטשעט. רוסיצ. ל2. אויסשליסן, באַזײַטיקן. א, פֿון שול. א, פֿון אַ פּאַרטיי.

איסקע — בּעס. ← היתּר עסקא. געלט אויף א, = אויף פּראָצענט.

איסקראַ — די. 'פֿונק,. נאָמען פֿון זשורנאַל פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, געדרוקט אין אויסלאַנד אין די יאָרן 1900 — 1905. נאָכדעם ווי די פּאַרטיי האָט זיך געשפּאָלטן אין 1903, איז די צײַטונג אַריבּער צו די מענשעוויקעס. א, איז געווען קעגן דעם בּונד, ווי אַ בּאַזונדערע ייִדיש סאָציאַליסטישע, פּאַרטיי. אי'סקראָוו ▯ ע ▯ ן — דער, ־צעס. ווב ־קע, ־ס. אָנהענגער פֿון שטאַנדפּונקט פֿון א'. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, אַן איסקראָווקע.

איסר — [אי'סער] מענער־נאָמען. פֿקפֿ:

איסערל. <ישׂראל. ,,א', דו בּיסט אַ יונג אַ זיסער,,; ,,א', דו בּיסט אַ קנאַפּער שיסער,,; ,,לאחר מאה ועשׂרים, איי וועט מען איַך שמיַסן, ר, א,, איר מאַכט אַ היתּר פֿון יעדן איסור“.

איסר — [איסער] דער, ־ים [איסרים]. >
קידושין, א, א. קליינע קופּערנע רוימישע מטבּע אין דער תּקופֿה פֿון משנה. אַ 24סטל פֿון אַ זילבּערנעם דינאַר. “[מע קען מקדש זיַן אַ פֿרוי] מיט געלט... די בּית־הלל זאָגן אַז מיט אַ פּרוטה. און וויפֿל איז אַ פּרוטה? אַן אַכטל פֿון אַן איטאַליענישן א'“, פּיעט. ,,דאָ האָסטו דעם א, פֿאַר די צען פֿיַגן,,, זרעים, פּז/ב.

אַיע'טוועדער

,,האָט... ניט געגעבּן דאָס רעכט דעם מחבּר צו פֿאַרגליַכן זיַן ספֿר מיט דעם מראה־מוסר, וו אַ גילדן קעגן אַ פֿערטל א'“, ריבּ, ייִשפּ □XI, ,
3. ססי II, טיַטשט איַן א, — גילדן.

איסרו־הג — □ אסרו־חג.

א(י)סתרא בּלגינא קיש קיש קריא — [אי'סטערע בּייליאָגינע... קאַריע] זאַץ. תּח. <בּבֿא מציעא, פּה/ב. שוו. אַן א, (מטבּע) אין

אַ ליידיקן קריגל צעקלימפּערט זיך קיש־קיש.
געניצט מיטן בּ: אַ ליידיקער מענטש (אַ נאַר,
עם־האָרץ) האַלט אין איין טומלען, מאַכט אַ
פּוסטן אָנשטעל. ענלעך צו: „פֿון ליידיקע
פֿעסער איז דער ליאַרעם וואָס גרעסער“; „אַ
קלעפּאַק און אַ פּאַס פּאַרקלינגט די גאַנצע גאַס“.
„מע שאַפֿט פֿאַלשע אַמטן, כּמו־טעטיקייטן,
הוילן א,־בּ'־ט ו מ ל „, טמז, 22 1965 I. „... ניט
ווי די הײַנטיקע א'־בּ'־ט ו מ ל ע ר ס מיט בּיטול
לגבּי יענעם“, אידישע וואָך, 1958 III □י 22.
“מסירת־נפּש. דאָס דאָזיקע וואָרט איז שוין
געוואָרן איינע פֿון די אָפּגעריבּענע... מטבּעות
מיט וועלכע עס קלינגען ווי א, בּ, די אַלערליי
הענדלער מיט 'אידייען'“, הלל זײַדמאַן, 1967
28 □II. א'־בּ'־מ א מ ר י ם. א'־בּ'־ר ע פֿ ע ר
אַט ן — בּאָמבּאַסטישע.

אי“ע — ר“ת □ון: א'להים י'היה ע'זרך, א, י,
עמך. <בּכורות, מה/א; <נידה, מט/ב. 'גאָט
זאָל זײַן דײַן הילף', גאָט זאָל זײַן מיט דיר.
ס'איז אַ מנהג מוסיף צו זײַן דעם ר„ת, יוען מע
שרײַבּט אַ נאָמען פֿון אַ חשובֿן מאַן, אַ צדיק,
ר□ אע.

אַיעדער — פּראָ, נאָר אצ. [מיט אַ סובּ

אומדעקלינירלעך, אָבער אויך: אַיעדן —
אַקוזאַטיוו און דאַטיוו מענלעך, דאַטיוו נייטראַל;
אַיעדע — נאָמינאַטיוו און אַקוזאַטיוו
ווייַבלעך; („אַיעדעס“ — נר). אָן אַ סוב — איז
ריכטיקער: אַיע'דערער, בייגט זי I דז ו
ווי אַן

אַדי. פּאָסעסיוו: אַיעדנס אַ'נס.
יעדער. ווער עס זאָל ניט זײַן, אָן שום אויסנעם.
א, מאַן פֿרוי, קינד. אַ, צווייטער (דריטער...,
- — ,
צענטער) פֿון דער ריי. „נישט אַ, אויף וועמען
די הינט בילן איז אַ גנבֿ„, שוו. „אַ, מענטש וויל
דאָך לעבן, אַפֿילו דער אָרעמאַן וואָס איז
אונטערדריקט„, ווז, 'דיא ליעבע, [ייִבל XIII]. „עס
ציט אַיעדע(ר) רגע זיך, זי מאַטערט אַזוי
שווער“, פּמ, טלחמה. „וואָס שלאָגסטו מיט
אַיעדן בלאַט?„, פּל. „איך האָב ליב אַיעדן
מענטשן, מעג ער זײַן מײַן פֿײַנד“, אַר, '
פֿאַרזינדיקט'. „מקנא בין איך אַיעדן באַזונדער וואָס
ער ווייסט פֿון קיין ליבע ניט„ פּל. “אַיעדע וויל
,
זיך מיט געוואַלד פֿאַרגלײַכן צו די אַנדערע„,
ר, יצחק האַמבורגער איבז, יח הדה

לעמבערג 1876. „נעמט צו פֿון מיר אַיעדע גאָב —
איך דאַרף זי ניט“, מוצ, וואַלדיקס. “איך בין
דאָ אַיעדנס מחותן, און אַלע צו מיר מחותּנים“,
סעג, אַ בוים פֿון פוילן. “אַ מיידל אַ גאָלד האָט
אַ'ער האָלט“, שוו. אַיעדע וו ײ ל ע = מיט גאָר

קורצע איבערריַסן.
אַיע'טוועדער — פּראָ. דזוו יעטוועדער,
אַיעדער. [בייגונג ווי אַיעדער ←, אָבער אָפּטער

אַיענער

אומדעקלינירלעך]. „געאָטעמט האָט אַיעטוועדע
רואינע“, פּמ, מלחמה.
אַיענIער
]. דזוו יענער. ניט דע'ר נאָר אַן
— פּראָ [בייגט זיך ווי אַן אַדי.
נייטראַל: אַיענס
אַנדערער. עמעצער, באַשטימט אָדער
אומבאַשטימט ווער. „ווי אַזוי ווייסטו וואָס אַ, באַדאַרף
אַז דו ווייסט ניט וואָס דו אַליין באַדאַרפֿסט?„,
שוו. „נעם אָט אַיענס שטיקל טאָרט און לייג
אַוועק אַהער„, שע, קליינע מענטשעלעך...

אַיער — דער. מצ נבֿ. רומ   לופֿט.
אַיע'ר — דער, ־ן. דזוו אַאיר, ← 2. „,...
גרינען ווי צוויי אָזערעס אין א'„, חג, 'די לאַסט
אויף מײַנע אַקסל', פּליטים.
אי'פּאַטינגאַ — די. בא. ליט. ,באַזונדערע
אָפּטיילונג'.   „אָפּטיילונג פֿון ליטווישער פּאָליציי
וואָס האָט געהאָלפֿן די דײַטשן אין די רדיפֿות
אויף ייִדן„, העלענע קליאַטשקאָ, 'די צווייטע
געטאָ אין ווילנע„, ייִבֿל XXX.
איסאָטעק — ← היפּאָטעק.   „א'ן־קרעדיט“,
בֿ. האַלפּערן, אַ האַנטבוך פֿאַר... אַ
פֿאָלקסבאנק, ווילנע 1922.
אי'פּאָמע — די, ־ס. <איי <גר. (באָטאַניק)
מאָרגנפּראַכט. אָלגעמיינע
באַצייכענונג פֿאַר אַ צאָל
קריכיקע געוויקסן מיט בלעטער
און בלומען. די ר ו י ט ע א,
ווערט קולטיווירט ווי אַ
דעקאָראַטיווער געוויקס צוליב
אירע שיינע גלעקל־פֿאָרמיקע
בלומען. moea ▯]][l.
איפּאַרכיע — די, ־ס. <רוס <גר. פּפֿ:
עפּאַרכיע.   ראַיאָן אונטער דער
אָנפֿירערשאַפֿט פֿון אַ הויכן גײַסטלעכן פֿון דער

פראַוואָסלאַוונער קירך. "די גאַנצע א,... איז... געקומען קוקן אויף מײַן בייז וואונדער", י. טיגער, דער צדיק און דער בעל־תּשובֿה, לאָנדאָן 1943.

איפּיך — דער, ־ן (־ס). ← אַפּיך, עפּיך. אַרכ. אין דער הווה של פּסח: כּרפּס. „און, (מרור) וואשׂ נון איינר וויל ניצן, מער רעטיך (דשׂ איז קריין), אודר לאַטיך, אודר איפּיך„, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, יח/א. „אויך זאַל מן אין דאשׂ בעקן טון (ירקות) אַז (איפּוך) אַדר פּיטרל (מרור) דשׂ איז לאַטיך אַדר קרין וואו ניט לאַטיך איז„, תּפֿלה למשה..., דעסוי 1696, רא/ב.

א(י)פּכא מסתּברא — [איפּכע מיסטאַבּרע (מיסטאַוורע)] זאַץ. תּח. <בּבֿא קמא, פּד/ב; <בבֿא בּתרא, קעה/א; <חולין, כ/ב אאַ. 'גראָד להיפּוך דאַרף מען עס פֿאַרשטיין'. גענוצט מיטן בּ פּונקט פֿאַרקערט, להיפּוך; די סבֿרה איז אַ פֿאַרקערטע [תּלמודישער אויסדרוק ווען די רייד פֿון אַ תּנא אָדער אַמוראָ זײַנען אין סתּירה מיט אַ משנה, מיט אַ פֿריִערדיקער סבֿרה, אָדער לייגן זיך ניט אויפֿן שׂכל]. „איר זאָגט אַז די טענדענץ פֿון ייִדן אין אַמעריקע איז זיך צו אַסימילירן, אַדרבּא א, מ'". „ער איז גאָר געווען אויף אַ יאַריד ערגעץ אין דער סבֿיבֿה,

זאָגט דער חוקר ודורש: א, מ',,, פּרץ, 'נחת

1329

פֿון קינדער, פֿינגער וואָס גיבן זיך אַ דריי
.,,
מיט אַן א, מ, — דער פּשט איז פֿונקט
פֿאַרקערט,,, חג, טמז, 1967 II 15.
א'־מ'דיק — אַדי. ,,ניט ווי די
קליינקעפּלדיקע א,־מ'דיקע דרשנים דרשענען, אַז דאָס
שטראָפֿלאָזע אויסהרגענען די ייִדן דדרך די
דײַטשן אין קידוש־השם'', הלל ז .דמאַן, טמז,
.I 1 5 1
א'־מ'ניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. דער
וואָס עס ליגט אין זײַן טבֿע צו זאָגן פּונקט
פֿאַרקערט (ווי עס איז אָנגענומען), סותר צו
זײַן, איבערצושפּאַרן. ענלעך צו: משה
קאַפֿויער, יאַנקל קאַפּידרעך, מאָטל פֿאַרקערט. ''ער
איז אַן א'־מ': ווען אַלע זאָגן 'יאָ', זאָגט ער
'ניין''. ,,אַ ליטוואַק איז אַן א'־מ,, ער קומט
אַרויס מיט זײַן 'טאָמער פֿאַרקערט''. ''דאָס
מאָל האָט דער א'־מ, קיין מזל ניט געהאַט
אַרויסצוזאָגן זײַן פֿאַרקערטע דעה,,, חג טמז,

1958 I 18. "ער איז געוועז אַן א'־מ, און אַ
צו־להכעיסניק. ווען אַלע זענען געוואָרן
רעוואָלוציאָנער, איז ער געוואָרן אַ מאָנאַרכיסט",
מוק, מ .נע באַגעגענישן. „אַן א'־מ, וואָס וואָלט
זיך גאָר באַליידיקט, ווען מע באַצייט זיך ערנסט
צו זײַנע להכעיסן„, גרינ, איד און וועלט.

-.

איפּסאָ סאַקטאָ פּראַזע ל. מיט דעם

(פֿאַקט) גופֿא. לויט דער נאַטור פֿון דער זאַך
(דעם באַווײַז). „וואָס אַ ייִדישער פּאָעט זאָל
ניט שרײַבן אין ייִדיש, איז עס א, פֿ, דערמיט
אַליין ייִדיש", בצג טמז, 26 1967 I.

איפּסל — דער, ־ס. אַמ. s le Peo] un ו .

ue a][so(ialist. מיטגליד פֿון
סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. געווען פֿאַרשפּרייט
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין די 30ער יאָרן
פֿון 20. י"ה. „מײַן ייִנגערער ברודער איז
געווען אַן א,", רייד (נ„י).

איפּע — די, ־ס. >אוקר. 1. דזוו היפּע,
טאַנץ. „חתונה־א'", ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל,

אַדעס 1895, ז, 84. 2. דזוו יופע. „אַ מאַרענפּאַסענע א,“, דאָרטן, ז, 165.

איפּע — אויך: איפּקע, י פּ(ק)ע, יאָפּ(ק)ע. דאָס פֿאַרשפּרייטע רוסישע וואולגאַרע זידלוואָרט, רוסישער 'מי שבירך'. מ אַ כ ן אַן א'. „דער פּעטליוראָוועץ האָט... אַ קוק געטאָן אויפֿן געפֿאַנגענעם... און געמאַכט אַ דרײַגאָרנדיקע א,„, א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.

איפּע — פֿרויען־נאָמען. זן. <רבֿקה? “א', אַ מיידעלע פֿון פֿינף... יאָר„, באַש, פֿאָר, 1967 X 3.

איפּעסט — דער, ־ן. פּד. אָפּצוים פֿון אַ לויפֿנדיק וואַסער. דאַמבע, שליוזע. „עס איז ניט אַוועק קיין אַכט טעג ווי דאָס וואַסער האַט אָפּגעריסן דעם א',„ מע יות נוראים... פֿון ראַדזימינער רבי'ן..., פּיעטריקאָוו תּרע“ד.

אי'פּעקאַק(ואַ'נע) — דער & די, ־ן, ־ס. <איי <פּאָרטוגעזיש <אָן אינדיאַנער לשון. (באָט) געוויקס פֿון דרום אַמעריקע. דער

לענגלעכער ברוינער וואָרצל פֿון א, ווערט געניצט

איפּה

אין דער
פֿאַרמאַצעווטיק ווי אַ
באַשטאַנדטייל אין
פֿאַרשיידענע רפֿואות, דערעיקר
ווי אַ ברעכמיטל ביַי
פֿאַרגיפֿטונג. ״ווען
דעם קראַנקן פֿײַניקט
אַ טרוקענער הוסט
און ער קען ניט
אַרויסוואַרפֿן קיין
פֿלעגמע, איז גוט צו
געבן אַ ברעכמיטל. מע נעמט איפּעקאַקאַנע.
אַ פּראָשעק...״, איבז, דער אוצר פֿון געזונט
און לעבן, וואַרשע 1908. ־□e□]i □li□
.□anlןa
איפּעריט — דער. בא. מושטאַרדע־גאַז,
זענעפֿט־גאַז. געלבלעכער, שווערוואָ□יקער
טייטלעכער גאַז וואָס די דײַטשע אַרמיי האָט צום
ערשטן מאָל באַניצט ווי אַ וואָפֿן אין דער
ערשטער וועלט־מלחמה [אין געגנט פֿון דער
בעלגישער שטאָט איפּער(ן); דערפֿון דער נאָמען].
,,עסיקע און ברענענדיקע שטאָפֿן, וואָס צו זיי

געהערן א, און לעוויזיט... דרינגען דורך דער
הויט און רופֿן אַרויס זייער געפּערלעכע
פֿאַרבּרענונגען", צש פֿגעז, ווילנע 11 1933, No.

,

אי'פּער סטער, ־שטער—דער, ־טע.: <.

rsוI][)ו. לאָקל, קורלאַנד. העכסטער
בּאַאַמטער, נאַטשאַלניק. ־קייט — אייבּערקייט,
אייבּערשאַפֿט.

איפּקע — די, ־ס. אוקר. וואָלענער שנור וואָס
מע ניצט בּײַם אָנצינדן אויף צו פֿאַררייכערן.
מע לאָזט פֿאַלן אויף דער א, אַ פֿונק בּײַם רײַבּן
אַ שטיינדל אָן אַ שטיינדל. אונטערגעבּן אַן א,
צו פֿאַררייכערן דעם פֿאַפּיראָס. *אונטערגעבּן
אַן א, = אונטערגעבּן מוט, קוראַזש.
אונטערהעצן. „איר זאָלט אים נאָר קיין א, נישט
אונטערגעבּן — וועט ער נישט זײַן אַזוי
אשלהבֿהדיק", מ. דאַווידזאָן, דער ליִעווער רבּי,
שיקאַגאָ 1935.

איפּקריזוס — דער, ־ן. אַרכ. <גר —

מיטל .eusisI]h. אונטער־הערעוודיקייט'.

.

(מינעראַל אָדער געוויקס?) צו שוואַכער הערונג.
„ווער ניט הרבן קאַן, נים א', דשׂ האבּן די

אַפּטיקר, און, טרינק עשׂ מיט ווײַן גמושט, דשׂ
האַרן קומט דיר ווידר און, דוווירשׂט גזונט“,
'כ״י ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, 17 No].
אי'פֿדע(ר) וואָך ▯. איפֿדע(ר)וואָך —
דזוו איוודע וואָך, ← 1038. „מיר האָבן
פֿאַרוואָרפֿן אַזאַ טײַער וואָרט ווי א„ מיר זאָגן:
קומענדיקע וואָך אָדער 'נעקסטע, וואָך„, אפֿא,
געטראַכט מיט ע▯רי־טײַטש. „המן האָט זיך
געזעצט שפּילן מיט אַחשורושן אַ שאָך, האָט מען
געוואָרפֿן גורל אויף א, וו,“ פֿל.
,

-

איסה — [אייפֿאָ] די, ־פֿות, ־ס. <שמות, טז,
36 אאַ   פֿאַרצײַטיקע מאָס צו מעסטן
טרוקענע שיטערע זאַכן. אַן א, האָט געהאַלטן 3
סאָה, אָדער 10 עמרים. „זאָלסט ניט האָבן אין
דײַן הויז צווייערליי א'ס„, תּי, דבֿרים, כה, 14.
[כּדי אָפּצונאַרן; קויפֿן אין אַ גרעסערער און

אי▯ זײַן

פֿאַרקויפֿן אין אַ קלענערער.] איפֿה ואיפֿה — אויך: משלי, כ, 10. גענוצט מיט בּ: צווייערליי קריטעריעס, נאָרמעס. אַ ניט־גלײַכע בּאַציאונג צו פֿאַרשידענע מענטשן. „אָט די א, וא, אין דער בּאַציאונג צו יחידים, צו גרופּעס, צו לענדער און צו פֿעלקער איז עד־היום... בּלויז אַ מאָראַלישע זינד אָן שום געזעצלעכער סאַנקציע“, ש. בּיקל, טמז, 1966 י 6. “מיר האָבּן געטאָן די זעלבּיקע אַרבּעט, אים בּאַצאָלט מער, מיר — ווייניקער, א, ו'? וואו איז יושר?„.

איפּת־צדק והין צדק — [אייפֿאַס צעדעק וועהי'ן...] <ויקרא, יט, 36. אַ ריכטיקע איפֿה און אַ ריכטיקע הין. [אַ מאָס צו מעסטן געטראַנקען, בּערך 6 ליטער.] „מײַן געשעט איז אויסגעשטעלט אויף ערלעכקייט:

א'־צ, ו, צ'"', ה. עפּ עלבּערג, דער קרבּן, וואַרשע
תרס"ח.

אי זײַן — ← אויף זײַן. "ער איז געווען
איף די גאַנצע נאַכט", רייד (בּעס).

איפּל — ← וויפּל. „א, צרות איך האָבּ מיך
שוין גענוג אָנגעליטן", ל.

אי', פּע, — אינטעריעקציעס וואָס דריקן אויס
גרויס אומצופרידנקייט, בּאַציאונג פּון עקל,
פּון אָפּווײַך. שטאַרקער ווי פּע אַליין. [
אַרויס,
גערעדט געוויינלעך מיט אַ פּאַרקרימען די נאָז
און אַ בּאַוועגונג מיט די הענט וואָס ווײַזט אויף
אפּשטויסן.] „אי פּע, שעמען מעגט איר זיך!",

,
שע, קליינע מענטשעלעך....

אי'פּעסקאָפּ — דער, ־קעפּ. <? אין
שפּאָטלשון: אַ שאַרפּער קאָפּ וואָס כאַפּט גיך אויף.

„אַ וואַזשנער א',,, יש אַפּטער:
איפּעסקעפּעלע.

איץ — אַדוו. אַרכ. מיִ. Mhd: ie (e). דזוו
איצט. „איך בּיגער א, נישט צו חשבּונין",
פּראָגבּ, 36. „נבל צו כּרמל א, זײַן שאַף בּישאר",

שמואל־בוך, סטראָפֿע 614. אויך לאָקל, פּר
(לובלין, פֿיעטריקאָוו). „איצקימצי" — איצט
קומט זי.

איצאַרעס — די. במ. i□ari: □ □ <.
געפֿאַסטע הויזן פֿון היימיש־געמאַכטער לײַוונט, יואָס
די רומענישע פֿויערן טראָגן ווי אַן
אייבערמלבוש אום זומער (פֿאַררעכנט פֿאַר אַ
נאַציאָנאַלער הלבשה).

איצו'נד— אַדוו. Mhd: ie□:□un□ □ i□un□. אַצונד,
אַצינד, איצט. [אָ□טסטע פֿאָרעם פֿאַר א י צ ט
אין אַלטער ליטרש. סהמ (פֿאַרשטייט זיך אויך
מגישי מנחה) כמעט בלויז א'. בtoס פֿאַרטײַטשט
עתה, — א'. אַזוי אויך צאינה אאַ (מער פֿרטים
I, 345 — 349 פֿש ..□).] „א'... אין נײַערע
מיטל־ און מזרח־ייִדישע דרוקווערק. לעבעדיק
אין מיטל־ייִדישע מ"מ [= "מונדאַרטן":
ריידענישן]", נפֿ פֿש I, 367. "דו בישׂט איין רעכטר
,
נבֿיא דשׂ הויר איך א, וואַל„, שמואל־בוך,
סטראָפֿע 26. "שובֿ מודיע אני לך דז גרושׂ
יקרות איז איצונט", פּבֿ פֿון קראָקע 1630
[ח. שמרוק, ס□ר היובֿל ליצחק בער, ירושלים
תשכ"א]. "(היה הוה ויהיה) דאשׂ איז אַזו

טײַטש: ער איז גיוועזט א, דאשׂ די וועלט איז בשאַפֿין גיווארדן, אונ, ער איז א, אויף דער

133()

וועלט, אונ, ער ווערט זײַן נאָך דער וועלט“, לט 1, ו/ב. „אונ, דשׂ זיא [= זיי] זיך פֿר גנומן האבן פֿון א, אַן אונ, ווײַטער צו פֿר ענדרין אונ, רעכטי נוצרים צו זײַן“, שאַר, לא/ב. „איך ווייס א אַז פֿון גאָט איז געוועזן... דאָס פֿירן“,

,

איבז, בן המלך והנזיר, זשאָלקעוו 1771. „א, ווי די פֿראַנצויזן זײַנען שוין אײַנגעבראָכן אין אַלזשיר...“, אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע 1868. „בײַא אונזערע עלטערן איז ביז א, געוועזן אַן איסור גמור איינע שפּראַכע צו לערנען„, וואַרשויער יודישע צײַטונג, 1867, No 40. “וואוהין א, מײַן גיי, צו וועלכע ענדן?“, סוצ וואַלדיקט.

־יק — אַדי. „האָבן דיא איצונדיגן נבֿיאים אויך נבֿיאות גזאגט“, סהמ, זכריה, ח, 9. “אײַער גאַנצע א'ע לאַגע איז דאָך אַ בלינדער שפּיל“, ווײַט, קנאה און תּאוה.

איצונדער(ט) — פּפֿ צו איצונד. אין שלעזישן

ד': er)n i. ,,א, — טפֿר של רבּי אַנשיל...
מגילת אסתּר (קראָקע 1590),... יוטיפֿון (אַמשט
1661)... בּײַ וויצנהויזן וואַרפֿט זיך דורך...
אין מםt'... די פֿאָרעם איז לעבּעדיק אין
מיטליידישן פֿון געוו, קאָנגרעס־פֿוילן,,, נפּ פֿש I,
-
,
349 — 350. ,,א'ט — מגילת אסתּר...
וויצנהויזנס בּאַליבּטע פֿאָרעם,... סהמ... גה;
אין אַמסטערדאַמער מהמ, אין דער פּראָגער
צאינה וראינה... לעבּעדיק אין מיטל־יידיש
פֿון געוו, קאָנגרעס־פֿוילן,,, דאָרטן. ״איצונדר
איז דער אונפֿאַל אויף איינם אונ, מורגן איז
ער אויף איינם אַנדרן״, סר היראה דר, יונה,
ציריך 1546 [נש פֿש II]. ״דיא זעלבּיג שבֿועה
,
האבּן מיר איצונדרט ווידר מחדש גיוועזין״,
תּקק. ,,מן קאַן איצונדר ניט שיקן״... ,,אַז
דוא ווערשׂט איצונדרט אין היים קומען״, פּראָגבּ
18, 54. ״איצונדר קומט דאשׂ שווערט. ,,,,
שעריר, ד, 10. ,,דו מושׂט דיך איצונדר היים
איילין״, ספֿר משליס, מה/ב. ״איצונדרס, ווייל
איך האבּ זעקשׂ קינדר...,,, צאינה, ויצא. ״
איצונדרט אין אונזרן דורות...,,, לט1, הקדמה.

״איצונדר בין איך קומן צו פֿאַר דיר...,,,
קהלת שלמה, אַמשט 1744, עו/ג. ,,א'ט האָט
הקבֿ״ה מלאָכים געשיקט״, צור, בּראשית.
,,קענסט אים אויך א, זען פֿאַר זיך,,, סוצ,
וואַלדיקס.

איצט — אַדוו. ie t (n) e ie2 :Mhd־]
פֿאַרשפּרייטסטע פֿאָרעם פֿאַר דע'ם צײַטבּאַטײַט
זינט אָנהייבֿ 19. י,,ה.] 1. אין דעם הווה. אין
גרענעץ צווישן פֿריִער און שפּעטער. אין דע'ר
צײַט וואָס איז אין געגעבענעם מאָמענט פֿאַראַן
פֿאַרן ריידער (שרײַבער). ״פֿריִער האָבֿ איך
געגעסן, א, זיץ איך בײַם שרײַבטיש, שפּעטער וועל
איך זיך אַפּרוען,,. טאָן א, און שפּעטער די
זעלבּיקע אַרבּעט. טאָן עפּעס א, אָדער קיינמאָל
ניט. פֿון א, אָן ניט זאָגן קיין ליגן. ,,זינט
ער איז אַוועק פֿון אונדז, שטייט ער נאָך אַלץ
פֿאַר מײַנע אויגן, אָט זע איך אים איצט־אָ
אויך,,. ״דיא זון שײַנט א, זער אונ, אישׂט
גרושׂ היץ״, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 191.
2. גלײַו, בּאַלד, תּיכּף. ״קומט א, אַרײַן אין
שטובּ״. ״א, הייבּט זיך אָן די שפּיל״. ,,א', די

איצטגנינדת

מינוט,,. ,,גיבֿ עס מיר א',,. ,,אויפֿהערן צו
קאָמאַנדעווען, שוין, א'!‟. ,,אָט א'... קענט
איר מיר אַ טובֿה טאָן‟, ממוס, טאַקסע.
3. אין דעם (קירצערן אָדער לענגערן)
צײַטאָפּשניט, וואָס דער ריידער (שרייַבער) האָט אין
זינען. ,,גראָד א, האָט זיך עס אים פֿאַרוואָלט‟.
,,א, הייבן מיר אָן אַ נײַעם קאַפּיטל‟. ,,א, איז
דער אמת שוין געשטאָרבן און קיינער באַווײַנט
אים שוין ניט‟; ,,דערצייל נישט ווער ביסטו
געווען, דערצייל וואָס ביסטו א'‟, שוו. ‟דו שטיי
ניט פֿון ווײַטן, דו זע נאָר וואָס א, איז‟, גאָר,
די באָרד'. ‟א', נאָך יאָרטויזנטער, שטייט בײַ
די שטיינער אַן אורקינד פֿון יענעם זעלאָט,,,
אָל, 'בײַ דער וואַנט'. ‟דעם פּראָגרעס און די
רעאַקציע דאַרפֿן מיר מעסטן ניט מיט דער
אייל פֿון אונדזער א, [סובֿ]‟, זשיט II, נ,,י 1912.
‟[די מאַטעמאַטיק] האָט אויסגערעכנט יעדן
פֿלאַטער פֿון דער ,ספּעיס־שיף, וואָס איר
יעדער ,איצט, האָט פֿאַרבײַגעבליצט‟, יג, טמז,
.III 19▯9▯ 1
4. מיט גאָר אַ קורצער צײַט צוריק. ,,א,
ע ר ש ט איז ער דאָ געווען‟. ‟ ב י ז א, האָבֿ
איך אים ניט געקאָנט אײַנרעדן, ערשט א, [ב1]
לאָזט ער זיך בייגן‟. ,,מײַן מאַן איז אַ

קלויזנער און איז א, נאָך אַ חסיד אויך געוואָרן“,

ל אָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887. ,,שאַ! ווייסטו וואָס פֿאַר אַ געדאַנק מיר איז אײַנגעפֿאַלן א, אין קאָפּ?“, שע ון צוויי וועלטן.

5. דערווײַל, ביז וואָס־ווען. “א', איידער דער דאָקטער וועט עס מיר פֿאַרווערן, קען איך דאָך עסן אַלץ וואָס איך וויל“. ,,איך האָב גזאָגט: ייִצט ווער איך זינדיגן..., שפּעטער ווער איך מיך פֿון די זינד אָפּקערן“, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא תקע,,ט.

6. נאָכדעם ווי פֿריִער איז עס געווען אַנדערש. ,,ער קען שוין א, ניט קײַען, טוט ער איך אויף טרפֿות שפּײַען“, שוו. “—־ מאַמע, דו דאַרפֿסט ניצן קאָסמעטיק. — אָט א, וועל איך זיך נעמעז פֿאַרשטעלן?,,. “אַ האַלבן לעבן אויסגעבראַכט — א, זיצט אַ נאַר אינמיטן נאַכט....,, הר, 'אונטער גאָטס היגלען'.

7. אויף אַזאַ אופֿן. היות, אַזוי ווי, בײַ אַזאַ מצבֿ. ,,א', אַז דו ווייסט שוין אַלץ, העלף זשע אים“. ,,אָט אַזוי, א, ווייס איך וואָס ער האָט געמיינט“. ,,א, איז גאָר אַנדערע דיבורים“. ,,א, דז דוא בײַא מיר וואונשׂט, בין איך קיגן דיר איין מרשעת“, מחזור שלש רגלים, אַמשס 1713.

„ערשט א, האָט ער איַינגעזען אַז ער האָט זיך געשפּילט מיט פֿיַיער“, אַש, תּהילים־ייִד. „מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן זיַינע מעשׂים און א, האָבן זיך אונדזערע אויגן געעפֿנט„.
סובֿ. דער, ־ן. „אַן אייבּיק־גרינער א, איז אָנגעגרייט פֿון יענער זיַיט פֿון אייבּיקייט“, אלף כּץ, צוק, סעפּט, 1947.

א(י)צטגנינות — [איצטאַגנינעס] די. מצ נבֿ□ פּפֿ: א(י)סטגנינות. <יומא, כח/ב; <רשי, בּראשית, טו, 5. אַסטראָלאָגיע, אַסטראָלאָגישע ספּעקולאַציעס. שטערנזעריַי.

אי'צטהאַלטער

אי'צטהאַלטער — דער, ־ס. א□וו, נעאָל. ווער עס האַלט איצט אַן אַמט. [נר, וויַיל דער נעאָל גיט ניט איבּער דעם בּ וואָס דער שאַפֿער פֿון וואָרט האָט געהאַט אין זינען.]
איצטי'סט — דער, ־ן. וונ נבֿ. נעאָל. ”די א'ן — די גרופּע וואָס האַלט אַז דער איצט... איז אַלץ, און אַז קיין נעכטן איז איבּערהויפּט ניט געווען“, צבֿי קאָליץ, טמז, 1 XI 1966.
איצטיק — אַדי. וואָס איז איצט, וואָס האָט אַ שיַיכות צום איצט. די א'ע וועלט. א'ע מאָדעס. די איכהס פֿון א'ן חורבן. א'ע שריַיַכערס.

א'ע רעגירונג. א'ע פּרײַזן. „דורך וועמען ליגט
מיר מײַן א, ווײַב קראַנק...„, א. בּ רוף, דער
שיכּור..., וואַרשע 1871. „דאָס פּיבּער פֿון
דרשנות, די מגפֿה פֿון א'ן דור“, ממוס, '
בּישיבֿה של מטה,. „אויב דוד וועט נישט קומען
מיט דעם א'ן צוג...“, ספּ, סודות. „ער האָט
אַוועקגעפֿירט פֿון דאָרט א'ס מאָל אַזוי פֿיל
האָפֿענונג“, שע, אין שטורם. „זײַן א
אַרויס,
רײַסן זיך פֿון אונטער זײַן אויפֿזעערס
השגחה...„, אַש, משה. [די א'ע צ ײַ ט פֿון
ווערבּ האָט ענדונגען ◌אַר די פּערזאָנען.
ווערט געניצט אויך פֿאַר דער פֿאַרגאַנגענער און
קומעדיקער צײַט.] ־יקייט — די אייבּיקע
א,. „דער וויכּוח וועגן דעם צי געשיכטע צי א,
איז מער יחוס„, רייד (1924).
א(י)צטלא — [אי'צטעלע] די. תּח. <בּבֿא
מציעא, יז/א. אייבּערקלייד, מאַנטל. געניצט
נאָר אין פֿאַרבּינדונגען: א, דרבּנן [
דעראַבּאָנאָן]. קליידן זיך אין (אַן) א, ד'. 'מאַנטל
פֿון די רבּנים'. 1 פֿוטער און שטרײַמל.

.

2. בּכלל בּכבֿודיק אָנטועכץ. „אַזוי פֿרי טוט
איר אָן אײַער ווינטערדיקן א, ד'?„, חג, טמז,

12 1965 III. אָנטאָן אַן א, ד, = ווערן אַ חוזר בתּשובֿה, ווערן גוט און פֿרום. „הײַנט אַז ער האָט אָנגעטאָן אַן א, ד', האָט ער אָפּגעריסן מיט די אַלטע חבֿרים„, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. זיך אײַנהילן אין אַן א, ד, = פּאָזירן ווי אַ למדן, געלערנטער, מלומד, איידעלער מענטש; זיך אײַנהילן אין אַן א, דקדושה = מאַכן אַן אָנשטעל פֿון אַ פֿרומען. „תּחילת האָט לילית זיך אַפֿילו אײַנגעהילט אין אַן א, פֿון קדושה“, ח. אַיאַלטי, איק, ר“ה תּשכ“ד.

איצטער — פּפֿ צו איצט. אויך: איצטערט, פֿטמ [פֿאַרשפּרייט אין לד, אוקר, ניט אַזוי אָפֿט אין פּד]. געניצט מיט אַלע בבֿ פֿון איצט ←. [דאָס ניצן א, אַנשטאָט איצט איז אָפּהענגיק פֿון דעם ריטעם אין זאַץ.] „דער חשק האָט אים אָנגעכאַפּט פּונקט א'(ט)“. „א, איז שוין צו שפּעט„. „דעם טעם פֿון זײַנע פֿײַערדיקע שמיץ פֿילן נאָך ביז א אַלע מײַנע אבֿרים„ פֿרוג II.

„און א', אין די שפּעטע יאָרן, האָב איך צו גאָט נאָר צוויי פֿאַרלאַנגען...„, יוסף ראָלניק, גש. „די לבֿנה און אויך די נאַקעטע ריטלעך... האָבן א, דער גאַס צוגעגעבן נאָך מער איינזאַמקייט“, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'. “צי

ווילסטו   פֿאַר דורות ניט־געבאָרן נאָך דײַן א,
— ...
[סוב] אַפּגעבן?“, יהואָש. 'דער קאַמף־מענטש,.
,,איך באַדאַרף טאַקע כלעבן א'ט נייטיק האָבן,,,

1331

שע, טבֿיה פֿון גאַנץ פֿרי אָן ביז א'ט־אָ —
. ,,
טרעף וויפֿל האָב איך געמאַכט“, שע, קליינע
מענטשעלעך.... ,,א'ט־אָ, בעת איך שרײַב
דאָס...“, נאַד. ־קייט.
א'דיק — אַדי. ,,פֿריִערדיקע שׂונאים —
א'דיקע פֿרײַנד“. ,,א'דיקע צרות — מאָרגנדיקע
פֿרייד“. א'דיקייט. פּפֿ: א'יק — ,,מיט
מײַן א'יקער ביטערער לאַגע...,,, שע, מע[illegible]יות
און פֿאַנטאַזיעס.
איציכע — איציקס, איצעס ווײַב. ,,א',
אויסגעפּוצט מיט אַ שלייער און מיט אַ ברוסטטוך...,,,
קמ, 47 1868, No.
איציק — מענער־נאָמען. <יצחק, דורך די
בניחית. ← אײַזיק. בײַם אויפֿרופֿן צו דער תּורה:
יצחק פּקפֿ: א'ל. פּפֿ: איצע. איצקע.
אי.

צעלע. פּד — איטשע ←. פּפֿ: איצל. ווג
— איצלע, איבערגעלייגט פֿון איציק.

א׳־ש פּ י צ י ק (אויך: ש מ יצ י ק) —
צונאָמען פֿאַר אַ ייִנגל וואָס הייסט איציק, מיט אַזאַ
קל: „א׳־שפּיציק, נאָדל־פֿרעסער, גיי(ט) אין
קראָם, גנבֿע(ט) אַ מעסער“. א׳ל בעל־תּכלית —
ווערט אָנגערופֿן יעדערער וואָס פֿטרט אומזיסט
געלט, זאַכן.

א, לוריע — ר, יצחק לוריא, אר“י הקדוש. “אין
די כּתבֿים פֿון רבי איצק לוריא שטיט...“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ תּמ"ה?
„ר, איצק לוריא האָט קענן ווישֿן אַן דען ניצוץ
פֿון מענטשן וואז ער פֿר איין חטא האָט
גיטאן“, קה, פֿיורדא 1743, כה/א.   איצע־בער
דער אָפּיקורס = ר, יצחק־בער לעווינזאָהן. „איך
זאָג דאָך דיר נאָכאַמאָל אַז אַלצדינג וואַקסט
פֿון קרעמענעץ פֿון איצע־בער דעם אַפּיקורס„,

,
יהודה לייב בינשטאָק, בײַא ר, שלמה בערלינער,
לבֿובֿ 1896.

איצמאָל — אַדוו. אַרכ. .M□d: ie□.־□e־mal
דזוו דאָס איצטיקע מאָל. „און, ווען ער ווערט
פֿולענדן זײַני ריד די ער אונשׂ איצמאל צו
גזאגט און, פֿר היישֿן האָט„, יוסיפֿון, אַמשט

.1־1, ס
איצעלע שעראַמיזשניק — לאָקל, בעס,
אוקר. דרייקאָפ.
איקאָנאָ־ — <איי <גר. ערשטער טייל פֿון
אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן־אינטערנאַציאָנאַליזמען.
א'גראַפֿIיע — 1. באַשרייַבונג פֿון
איקאָנעס; 2. באַשרייַבונג פֿון מאָלערײַען. ־יש
— אַדי.
א'לאָג־יע — 1. פֿאָרשונג פֿון איקאָנעס;
2. פֿאָרשונג פֿון מאָלערײַען. ־יש — אַדי.
א'לאַטר־יע — דאָס דינען איקאָנעס; אויך:
געצנדינערײַ. ־יש — אַדי.
א'סטאַ'ס — דער, ־ן. „איבערצאַם וואָס
טיילט אָפּ דעם סאַמע הייליקן טייל... פֿון
דעם איבעריקן טייל צערקווע“, ר. ווישניצער,
יובל XXIX, 48.
א'קלאַזס — טעס־קייט פֿון איקאָנאָקלאַסט.
א'קלאַ'סט — דער, ־ן. צעשטערער פֿון
איקאָנעס. באַוועגונג פֿון א'ן אין 8. און 9־ י"ה
אין ביזאַנץ פֿיג לעסטערער פֿון אַ גלויבן,
.
איק־בכר

אידייע אדגל. ־יש — אַדי. „אָן שום א'
קלאַסטישע פּויקן און טאַצן האָט ער אָנגעהויבּן אַ
נײַ בּלעטל אין דער געשיכטע„, יג, אין תּוך I.
איקאָנאָסקאָ'פּ — דער, ־ן. <איי <גר.
'בּילדאויפֿפּאַסער'. אויסשטראַלער (אין פֿאָרעם
פֿון אַ רערל) אין אַ טעלעוויזיע־קאַמערע וואָס
פֿורעמט איבּער אַ בּינטל עלעקטראָנישע שטראַלן
אין אַ בּילד־שאַפֿנדיקער מאָזאַאיק.
איקאָנע — די, ־ס. <סל <גר אָפּבּילד פֿון
יעזוסן אאַ קריסטלעכע הייליקע בּײַ די
גריכישאָרטאָדאָקסישע קריסטן. „געווען זייער אַ
פֿרומער רעכטגלייבּיקער קריסט, ווײַל אין יעדן
צימער... האָבּן געהאַנגען א'ס“, ייִז,
דערציילונגען. „דאָס מיליטער... האָט אויך
דורכגעשאָסן די בּילדער, די צלמים, די א'ס“, דער
רויטער זונטאָג, לאָנדאָן 1905. “'לא תעשׂה לך
כל פּסל, — מאַך דיר פֿון גאָרנישט און פֿון
קיינעם ניט קיין א'“, גרינ, מענטשן און
ווערטן. א'־בּ ר ע כ ע ר.
איקאָנאָבּאָ'ר — רוסיצ. “עס זײַנען
געווען ענלעכע סעקטעס אין רוסלאַנד וואָס האָבּן
זיך ניט געוואָלט בּוקן צו די קירכלעכע
בּילדער און בּאַצייכנט געוואָרן ווי א'ן (בּאַקעמפֿער

פֿון דער א')", ש. וואורם, איק, פֿסח תשי,,ז.
א'ס מ אָ ל ע ר. ־יש — אַדי.
איקאָר — דער. בֿא. קיצור פֿון: 'אידישע
קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד,.
געזעלשאַפֿט צו העלפֿן די ייִדישע
לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס אין ראַטן־רוסלאַנד מיט
געלט, מאַשינען אאַ. אויפֿגעקומען אין
ניויאָרק אין 1925 און געהאַט קרובֿ 80
אָפּטיילונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און
קאַנאַדע. זיך קאָנצענטרירט דערעיקר אויף העלפֿן
די קאָלאָניזאַציע פֿון בֿיראָבֿידזשאַן. דער א, איז
אײַנגעגאַנגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.
איק־בכר — [איק־בעכאַ'ר, אַיאַ'ק־באַכ'אַר]
<אליהו הכּהן, מדרש תלפּיות, איזמיר 18. י,,ה
[בֿרענגט עס פֿון ספֿר הפּליאה]. נאָמען פֿון אַ
קאָמבינירטן אַלף־בית, אײַנגעטיילט אין 9
גרופּעס. די אותיות זײַנען אַזוי אויסגעשטעלט אַז
זייער נומערישער ווערט זאָל גיין לויט דער
דעצימאַלער סיסטעם: איק — 1, 10, 100...
הנך — 5, 50, 500... טצץ — 9, 90, 900.
געניצט וו אַ געהיימשריפֿט. פּאָפּולער געווען
צוויי
שן חדר־ייִנגלעך.

1, 10, 100	2, 20, 200	3, 30, 300
איק	בּכך	גלש
4, 40, 400	5, 50, 500	6, 60, 600
דמת	הנך	וסס
7, 70, 700	8, 80, 800	9, 90, 900
זען	□ופּ□ I	טצץ

אַנשטאָט אותיות ניצט מען די ווינקלען פֿון
דער פֿיגור מיט ציפֿערן אָדער פּינטעלעך וואָס
ווײַזן דעם וויפֿלטן אות אין דער גרופּע. ״מה
שמכם?... האָט אים דער אורח געענטפֿערט
אין איין אָטעם: איק בּכר גלש״..., שע, 'דער
אורח,.

איקונין

איקונין — [איקאָנין] דער. תּח. >בּראשית רבּה,
צח, כד פֿרגל איקאָנע. בּילד, געמעל,
געּ.
שטאַלט, אָנבּליק. ,,אַז יוסף האָט דערזען דעם
א, פֿון יעקבֿ, זײַן פֿאָטער, האָט זײַן בּלוט

אָפּגעקילט“.

איקט(וס) — דער, ־ן. < איי <ל. 'קלאַפּ'.
1. (מוזט) צײַט־געמאָסטענע באַוועגונג דורך אויסקלאַפּן דעם ריטעם מיטן פֿוס אָדער מיט אַ ספּעציעלן אינסטרומענט. 2. אַקצענטירונג פֿון אַ וואָרט אָדער אַ פֿערז אין אַ פּאָעטיש ווערק. 3. קלאַפּ פֿון פּולס. 4. 'שלאָג'.
פּלוצעמדיקער אָנאַל פֿון אַ קראַנקייט: האַרצשלאַק, אַפּאָפּלעקציע, פּאַראַליז.

אי'קטערוס — דער (די). בא. <איי <גר. (מעדיצין) וויסנשאַפֿטלעכע באַצייכענונג פֿאַר געלזוכט. ־יש — אַדי.

איקלים — דער, ־ים. פּפֿ: אַקלים. <לק <אַראַביש <גר. גאַרטל(־ליניע) פֿון דעם ערדקײַלעך. קלימאַט. „דערווײַל דאָס פֿינטעלע... די ערד ווערט צעטיילט אויף א'ים... און איטלעכער א, ווערט צעטיילט אויף מדינות, און איטלעכע מדינה אויף שטעט“, א. פּאַוויר, בחינת עולם, ווילנא תּר“כ.

איקלעך — דזוו איטלעך ←. פֿטמ אין פֿאַרשיידענע ריידענישן. אָפֿט אין אַלטער ליטרש “אונ, דער מאַן אלקנה ביגאבט זײַן גיזינד. איקליכשׂ ביזונדר בייד ווײַב אונ, קינד“, שמואלבוך, סטראָפֿע 12. „אַן איקליכר הנט הט ער

איינשׂ [פֿון די קינדער] גינומן“, בּ□א־בּוך, 635.
„דס איין איקליכר גימיינר מאַן מג וויסן“,
מרכּבת המשנה, קראָקע 1534. “און, פֿון
איקליכן... געבֿן דיא אונטר פֿירר איין ובֿיע,
צדקה„, תּקק. „מיר איקליכע פֿשוט [= פֿעניג]
איז איצונדרט איין אלף„, פּראָגבֿ, 54. „איקליכר
איז שולדיק דער פֿאַר צו זאָרגן“, ווינץ. „
איקליכר צדיק האָט איין חופּה... און איקליכה
בּיזונדר ליַכט... זעכציג מלאָכים זיַן איבּר
איקליכס צדיק“, עולם הבּא... ספֿר הגן, אַמשט
תּי“ט.
איקס — דער, ־ן. 1. דריַ־און־צוואַנציקסטער
אות פֿון לאַטיַינישן אַלף־בּית, בּאַצייכנט קס —
□). 2. רוימישער ציפֿער פֿאַר דער צאָל 10.
3. כּפֿל־צייכן. צייכן צווישן לענג און בּרייט
בּיַם אָנוויַזן אויף אַ פֿלאַך. אָפּגערעדטער צייכן
אין פֿאַרשיידענע פֿאַלן. 4. (מאַט)
אומבּאַקאַנטע אָדער אומבּאַשטימטע גרייס. געפֿינען
דעם א', די גרענעצן פֿון א'. א'־ל י נ י ע — אין
אַ קאָאָרדינאַטן־סיסטעם די האָריזאָנטאַלע ליניע.
5. אומבּאַשטימטער און אומבּאַשטימיקער לויף
(פֿון צײַט). אומבּאַקאַנטקייט,
אומבּאַשטימטקייט. „דאָס לעבּן פֿליסט אויף די א'ן פֿון
צײַט“,

ייִט, פּוילן ◻ 6 .I. באַצייכענונג פֿאַר אַ פּערזאָן וואָס מע קען ניט אָדער מע וויל ניט אָנרופֿן בײַ זײַן נאָמען. אַ זאָג פֿונעם הער א'. „וועגן מיסטער א, — בעסער ניט צו רעדן“.

איקס־מיקס — 1. פֿאַרקירצטער נאָמען פֿון דער שפּיל איקס־מיקס־דריקס, ← דזוו. “נאָר פֿרײַסן וויל ניט שפּילן [מיט עסטרײַך] אין א'־מ', מעק איך מיך דאָ, שטעל איך מיך דאָ“, קמ,

1332

2 .5 No '1865. פֿאַרבײַט די ווערטער: אָהינאַהער; איינער אַזוי — דער אַנדערער אַנדערש. „הייבט זיך אָן א'־מ'. זאָגט די שטאָט: 'מע דאַרף אַ דריטן שוחט'. ענטפֿערט דער רבֿ: 'איך האָב אַ קרובֿ אַ שוחט'. זאָגט די שטאָט: 'מיר ווילן נישט אײַער קרובֿ'. ענטפֿערט דער רבֿ: 'מע דאַרף נישט קיין דריטן שוחט'“, פּרץ, שטעט און שטעטלעך.

איקס־מיקס־דריקס — דער, ־ן. 1. נאָמען פֿון אַ שפּיל מיט דער הילף פֿון אַ פֿיגור וואָס באַקומט זיך ווען מע שנײַדט איבער צוויי האָריזאָנטאַלע ליניעס מיט צוויי ווערטיקאַלע. אין די אָנגעצייכנטע נײַן 'קעסטעלעך, שטעלט

אַרײַן איין שפּילער אַן און דער
צווייטער אַ רעדעלע, אַ נול (). עס געווינט
דער וועמען עס גיט
זיך   אײַן
אַוועקצושטעלן מער רייען מיט
זײַנע צייכנס; די רייען
קענען זײַן
האָריזאָנטאַל, ווערטיקאַל אָדער
ד אַגאָנאַל. ,,דער טאַטע
י
מיט רבּ הערשן שפּילן
שאָך. דאָס יונגוואַרג שפּילט אין דאָמינאָ און
א׳־מ׳־ד׳״, נפֿתּלי גראָס, 'אויף דער פּולער
וואָך'. ״דעמאָלט האָט מען אין חדר
געשטיפּט... געשפּילט... אין א׳־מ׳־ד׳,,, קמ,
No '1866 6. ,,איך האָב גענאַרט מײַן שווער
אַז איך לערן דעם גאַנצן טאָג אין קלויז און
איך פֿלעג גאָר דאָרטן שפּילן אין ציגנוואָלף
און אין א׳־מ׳־ד׳״, אַבֿרהם יצחק בּוכבּינדער
(איש אַדעסאַ), דער בּלומען־גאָרטען, ווילנע
1885.   2. ס'איז ניט צוגעפּאַסט איין זאַך
(געדאַנק) צו דער צווייטער (דעם צווייטן).
,,וואָס האָסטו אויסגעשטעלט אויפֿן טיש טעלער
וואָס זײַנען א׳־מ,־ד'?״. ״ער קען ניט טראַכטן

לאָגיש, ווען ער רעדט איז עס א'־מ'־ד'".
איקס־שטראַלן — די. אצ זן.   ניט־
אָנזעעוודיקע ליכטשטראַלן (עלעקטראָ־מאַגנעטישע
ראַדיאַציע) וואָס האָבן די אייגנשאַפֿט
אַדורכצודרינגען אויך ניט־דורכזיכטיקע סובסטאַנצן.
באַקאַנט אויך ווי ר ע נ ט ג ע ן־שטראַלן אויפֿן
נאָמען פֿון זייער אַנטדעקער דר, רענטגען (געניצט
דערעיקר בײַ מעדיצינישע דיאַגנאָזן). „.... אָט די
אומזיכטבאַרע שטראַלן, וועלכע פֿאַרשפּרייטן
זיך אַרום רערל האָט רענטגען אָנגערופֿן
(איקס)־ש'„ פֿגעז, ווילנע 3 ,2 1923, No.

,

איקען — אוטוו ־קע, געאיקעט.
אַרויסברענגען קלאַנגען ענלעכע צו אי־אי. שטאַמלען.
שלוקערצן פֿאַרהאַלטן דעם שטראָם רייד מיט
קלאַנג.
גען אָן שום באַטײַט. א, און ניט קענען
אַרויסברענגען קיין קלאָר וואָרט. „וואָס איקעסטו
לאָלאָ־לאָמיך גע־גע־געמאַך? ווער טשעפּעט דיך?".
אויך מיט ז י ך — "האָט זי נאָך מער פּחד
פֿאַרן בית־דין של מעלה. דאָ האָט זיך דער
פּראָקוראָר אַ ביסל געאיקעט — דאָרטן וועט
רעדן דער שׂטן", פרץ, 'אַ פֿאַרשטערטער שבת'.
איקאַטש — דער, ־עס. ווער עס איקעט (מיט

בּיטול). ־עניש. ־ערײַ — „אַזוי צי אַזוי,

איך

וואָס קען עס מיך אַזאַ געשריי, אַזאַ א, אַרן?„,
ממוס, ספֿר הבהמות.
איקע־פּיקע — קינדערשפּיל ענלעך צו
איקסמיקס־דריקס. מע האָט דערבײַ אַנשטאָט צייכנס
אַרײַנגעשטעלט ציפֿערן אין די קעסטעלעך
צווישן די האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע ליניעס.
איקרע — די, ־ס. רוסיצ. 1. ליטקע, פּאָלקע.
פֿליישיקער מוסקל פֿון הינטערשטן טייל פֿוס,
פֿון דער קני בּיזן קנעכל. “דען איך שפּיר אַז
איין שמיץ פֿאַלט אויף דעם קאַנט פֿון בּענקל
און נאָך איינער אויף די א, פֿון די פֿיס„, ש.
פֿרוג, ייִפֿאָל, 36 1887, No. „אונדזער גויע די
וואַסערטרעגערין, אַ גרויסע, אַ געזונטע, מיט
גראָבּע א'ס ווי די קלעצער“, י)ראָל רוחמובּסקי,
זכרונות פֿון מײַן לעבּן, פּאַריז 1930. 2. טייל
פֿון הויכע שטיוול וואָס בּאַדעקט די א'. „א',
וואַדן, — די אויסגעפֿוקלטע זײַט פֿון כאָל אַווע
י
וואָס מאַכט בולט די פֿאָרעם פֿון פֿוס“, י.
בּערגער, יושפּ ו3 ,XX.

איקרע — שטאָ‌ נאָמען. געווײַנלעך בּמ. <פּויל
אאַ סל לשונות. 1. רויג(ן). פּישזאָמען,
פּישאייעלעך, פּיש־קערנדלעך. (אָנ)וואַרפֿן א'. (אָנ)־
זאַלצן א'. געשמאַקע א'. „די שטיקער 'בּאַליק,
וואָס ווערן געבּראָטן אין סמעטענע און
בּאַשאָטן מיט אַסטראַכאַנער א'“, זש, קיסר און
רבּי I. א'־פּ י ש — וואָס פֿון זײַערע רויגן
מאַכט מען קאַוו אַר. „דער וואַלפּיש... געהערט
י
צו די זייגטירן, ווײַל ער שפּײַט ניט אַרויס
קיין רויגן, א', נאָר געבּערט וואַלפּישלעך און
זייגט זיי“, בּלעטער, No 9. 2. אויך:
אייעלעך פֿון אַמפֿיבּיעס. „די פּרעש האָבּן
אָנגעוואָרפֿן אַזוי פּיל א, אין סאַזשלקע אַז דאָס
וואַסער ציטערט ווי אַ פּעטשאַ... מע וואָלט
געקענט אָנזאַלצן און אויסווענדזלען אויפֿן
ווינטער„, שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿונ
לעבּנ, מאָסקווע 1948.
איר 1 — פּערזענלעכער פּראָ. דאַטיוו פֿון ז י.
געבּן א, אַ מתּנה. „אָן א, רירט ער זיך ניט
‌ פֿון אָרט„ פֿון א, זײַט איז קיין מניעה
. „
ניטאָ“. “ער אָן א, איז ווי אַ חזן אָן אַ
קאַמערטאָן“. „צו א, דאַרף מען האָבּן אַ קופּערנעם

יצר־הרע" פֿוול. „אַז אַ מוטער שרײַט אויף ן

,

קינד 'ממזר, — מעג מען א, גלייבן", "איידער
אויף קדחת, בעסער אויף א'", „אויף א, איז
בעסער ווי אויף קדחת" פֿוול. „זי האָט אים

,

ליב געהאַט מיטן גאַנצן לעבן און ער נאָך א,
איז אויך אויסגעגאַנגען", ממוס, 'שם און יפֿת'.
פֿאָטר אונ, מוטר אונטר ווײַזין א, חכמת„,

"

צאינה, כג/א.
איר 11 — פערזענלעכער פראָ. מצ פֿון ד ו ,
נאָמינאַטיוו. 1. געניצט בײַם ווענדן זיך צו
מער ווי איין פֿערזאָן. „איר — אַתּם„, אב, שמות
דבֿרים, איזנע 1542. „שמעון און לוי, א, הערט
מיך?" „א, אַלע וואָס זענט דאָ פֿאַרזאַמלט".
„אונ א', קינדר ישׂראל, ווערט צו אַנדר איינציג
ווײַשׂ אויף גיקלויבט ווערדן", צאינה, שמות,
הפֿטורה. 2. געניצט בײַם ווענדן זיך צו איין
פֿערזאָן — איידעלע פֿאָרעם פֿון רייד, מיטן
אויסדריקן דרך־ארץ. „א, זאָגט אַזוי און איך

אַיר

זאָג אַזוי". „פֿריִער גאָט, דערנאָך א'" [אין ביידע
זאַצן מעגלעך אויך בּ1]. „בּיסט נאָך אַ בּחור,
אָדער א, זײַט שוין אַ בּאַווײַבּטער?". „שופֿר
של משיח זאָל איך אַזוי הערן ווי דער רבֿ האָט
אים געזאָגט נישט דו, נאָר א', און נישט
בּלויז א, — נאָר אויך רבֿ", ש. האָראָנטשיק,
'גאָטס משפּט'. [„אין דער אייגענער שטאָט
פֿעלט אָ חודש", ד„ה חודש אייר, ווײַל אַלע
קענען זיך און קיינער אירצט ניט.]
איר III — פּאָסעסיוועור פּראָ, ווײַבּלעך. וואָס
געהערט, איז שייך צו איין פֿרוי, אָדער צו אַ
וואָרט פֿו׳ ווײַבּלעכן מין. [בּייגונג ווי או׳..
דזער 680 . ׳ ,I]. (מיט) א, מאַן און א, קינד.
„צום ריטעם פֿון דער שיף וואָס טאַנצט א,
טויטנטאַנץ„, מלה, אין ניו־יאָרק. „איר פּנים
איז אַזו שוואַרץ אַז איין קעסיל„, סוד הנשמה,
אַמשט 1696. „ער שלוג אין מיט זײַנם שווערט
אַל דיא צין אויש. דא בּרוכט ער זיא דער כּלה
אין אירשׂ [אַרכ] וואטרשׂ הוישׂ", שמואל־בּוך,
סטראָפֿע 419. „איך גלייבּ דיא וועלט אישׂ אַן
אירם [אַרכ] ענד„, צוכט. „... אויך אירון [אַרכ]
מאַן אַן גירייצט צו אַלין בּיזן„, בּראַנט, פּרק ב.
„איטליכר מאַן זאָל זײַן ווײַבּ דר לובּן אַז זי זאָל
צדקת געבּן נאָך אירין [אַרכ] ווילן נאָך", עח,

עא/ג.   מצ: אירע. זי מיט א'ע קינדער.
״ביילע פֿילט ווי דאָס האַרץ גייט איר אויס נאָך
די אַלע ליבּע א'ע״, ממוס, ווינטשפֿ. „די
ליטעראַטור... א'ע טיפֿן„, י. דאָבּרןשין, נעדאַנ.
קענגאָנג, קיִעוו 1922.   „זי האָט... זיך
אַוועקגעזעצט... שטריקן שקאַרפעטקעס פֿאַר
א'ן [= איר מאַן] אויף יום־כּיפּור„, ש.
האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט,.
איר ־יו — פּאָסעסיווער פּראָ. אָרכ אַנשטאָט
ז י י ע ר. „... איין דר שרעקליך און גיוויטר
[= אומגעוויטע־] אויף אירם קאָפּ רוהן„,
שעריר, כג, 19. „דײַני בּוידר דוא זאָלשׂט
גידענקן צו פֿריד אונ, איר בּישירמונג זאָלשׂטו
דיר איַין פֿאַסין„, סהמ, שמואל א, יז, 18.
„קנעכט צו אויז גין בֿון אירם הערן...„
מדרש ויושע„, 16. י„ה [ייִבּל II־XI]. „זילכי
לײַטן אין אירי אורן איין רומן אונ, מזהיר
זײַן״, תּקק. „זיא קונן נישט אַנדרש אַלז דאז
זי שטין אין אירי געמערק אונ, לובּן הקבּ„ה״,
לט1, א/א. „דרום האָבּן די זעלבּיקע ווײַבּער
מיטגענומען אירע קינדער און האָבּן ניט
מיטגענומען אירע זויגאַמען״, צור, לך־לך. „
טרינקען זיי אָן אירן פֿאָטער מיט ווײַן„, צור, וירא.

„דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי אַלץ אויפֿגעפּאַקט
אויף א'ע וועגן“, מע▯ה מג, אחיס, וואַרשע
.1872
איראַדיאַציע—די, ־ס. <איי <ל. 1.
אויסשטראַלונג. אויסשפּרייטונג פֿון שטראַלן וואָס
קומען פֿון איין שטראַלן־קוואַל. א, פֿון וויאָלעט
ליכט, פֿון איקס־שטראַלן אאַזוו. 2. (פֿיזיק)
אויסשטראַל־כּוח אויף אַן איינס פֿון אַ
מחיצהפֿלאַך וואָס געפֿינט זיך צווישן שטראַלן־קוואַל
אין אַ געגעבענעם פּונקט. 3. (אָפּטיק) אַ
זע־אילוזיע, ווען אַ באַלויכטענער שטח דאַכט
זיך אויס צו זײַן גרעסער ווי אַ ניט־

טענער שטח פֿון זעלביקן פֿאַרנעם. 4. (
פּסיכאָלאָגיע) אַ גערייצטקייט וואָס רופֿט אַרויס
אַנדערע (געשטײַגערטע) גערייצטקייטן.
איבערצעוועקטקייט (←. 996). „דעם געזעץ פֿון א,
און קאָנצענטראַציע [אין צושטאַנד פֿון כּע▯]
האָט פֿעסטגעשטעלט פּאַוולאָוו פֿאַר אַלע רייצן
בכלל און ער איז אויך גילטיק פֿאַר אונדזער
▯פֿאַל“, א. גאָלאָמב, 'פּסיכאָלאָגיע פֿון כּעס',

ייִבל III, 4־5. 5. (מעדיצין) אויסשפּרייטונג
פֿון אַ ווייטיק אויך אויף אַ געזונטן טייל פֿון
אָרגאַניזם, מחמת צעצווײַגונג פֿון נערוו.
איראַדיאירן — טרוו. ־אירונג.
איראַדע — די, ־ס. <איי <אַו אַביש.
דעקרעט, אוקאַז, עדיקט פֿון אַ מוסולמענישן
הערשער. „יענע וואָך איז פֿובליצירט געוואָרן
אַן א, (אוקאַז) פֿון דעם סולטאַן, אַז די
טערקישע רעגירונג האָט איבערגעגעבן צו בויען
די נײַע אײַזנבאַן...“, ייִפֿאָל, 8 1885, No.
איראַ'ן — גנ. 'דאָס לאַנד פֿון די אַריער,.
מדינה אין אַזיע (ביז 1935 — פערסיע)
פֿאַר,
נעמט אָ שטח פֿון 1'644 000 קוו, קמ'. גרענעצט
זיך מיט: רוסלאַנד, טערקײַ, איראַק,
אַפֿגאַניסטאַן און פּאַקיסטאַן [1966 — 22,860,000
אײַנוו,,
80 000 ייִדן]. זינט 1906 אַ קאָנסטיטוציאָנעלע
מאָנאַרכיע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ שאַך;
הויפּטשטאָט (זינט 18. י,,ה) טעהעראַ'ן (30,000
ייִדן) ־(י)ער — דער. אײַנוואוינער פֿון א,.
.
־יש — אַדי. אויך סוב: די שפּראַך פֿון א,,
פּערסיש. א'ע שפּראַכן: פּערסיש, קורדיש,

לשונות פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקערשאַפֿטן פֿון
קאַווקאַז בּיז צו די הימאַלײַען־בּערג און
פֿון אינדישן אָקעאַן בּיז צו די צענסראַל

אַזיאַטישע מדבּריות.
איראָניזירן — אוטוו. ־זיר, איראָניזירס.
אַרויסווײַזן אַן איראָנישע בּאַציאונג צו עמעצן
אָדער עפּעס. אָפּלאַכן (האַלבּ־)פֿאָרשטעלט,
כּלומרשט מיט אָ לויבּ אָדער צושטימונג. „ער האַלט
שוין בּײַ נחס תּיבֿה — האָבּ איך ווידער
אָנגעהויבּן צו א'„, בּעמ □. „א, מיר ווייטאָגדיק
איבּער אָט דער ייִדישקייט אויף אַ שעה„, שנ.
„... און די 'גאָלדענע פֿרײַהייט, די
שליאַכעצקע?, איראָניזירט דער זון„, לייבּ ראַשקין, די
מענטשן פֿון נאָדלבּאָזשיץ, וואָרשע 1936.
־ונג. ־ער.
איראָניע — די. בּא. >איי >ל, גר. '
פֿרעגעניש,. 1. פֿאָרעם פֿון הומאָר, וואו דער זינען
איז להיפּוך צום ערשטיקן ב פֿון וואָרט (
ווערטער). א, קען זיך אויך אויסדריקן אין טאָן,
שמייכל, בּאַוועגונג אע. א, איז ניט גוטמוטיק
(האָט אין זינען אַ שטאָך געבּן), אָבּער אויך
ניט אַזוי בּייז ווי סאַרקאַזם. זיכער, אַוודאי, אָן

שום ספֿק אע אָפֿט געניצט אויסצודריקן א,.
אַ לאַנד־חכם, — װענן אַ גרויסן נאָר. אַ
,
גבֿיר אַדיר, — װעגן אַ נעבעכדיקן קבצן. אַ
,

-

שװערער אַרבעטער, — װעגן אַ גרויסן פֿויליאַק
אדגל. שמייכלען מיט א'. אַן אומפֿאַרדינטע א,.
אַ שאָטן פֿון א'. ,,קוים איז ער נאָר
אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט זי אים אַ פֿרעג געטאָן
מיט אַן א,: װאו ביסטו דאָס אַזוי שפּעט געװען,

אירא◌ַ יאָנע'ל

אַנטיק מײַנער?,,, זב, דער קליינער כל־בוניק,
אַדעס 1885. ,,א, מיינט — שטיין פֿון אַ זײַט,
אַפֿילו פֿון זיך אַליין,,, קאָר I. ,,אָט די שרײַבער
פֿאַרהאַלטן ז◌ך שטענדיק צו זייער העלד מיט
עפּעס אָן אומװילן, מיט אַ ביטערער א',,, שנ,
װעגן יוד, שרײַבער 2 .II. בשײַכות מיט אַ
סיטואַציע — דאָס אומגעריכטע, דאָס װאָס
האָט אין זיך אַ פֿאַרבאַהאַלטענע סתּירה. דאָס

וואָס האָט דעם זעלביקן עפֿעקט ווי מע וואָלט
אָפּגעלאַכט. די א, פֿון גורל. די א, פֿון דער
געשיכטע.

איראָ'ניקער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. ווער
עס האָט כמעט שטענדיק אַן איראָניש □
באַציאונג. ווער עס ניצט אָפֿט איראָניע. „דער אמתער
א, איז אַ מין מאָנסטער: ער האָט צוויי פּאָר
אויגן — די צוויי מענטשלעכע אויגן... און
צוויי אויגן אין דעם הינטערקאָפּ וואָס עגבערן
זיך אַרײַן אין דעם מאַרך, אין די פּסיכישע
פּראָצעסן“, קאָר I.

איראָניש — אַדי. □ וואָס האָט אין זיך (אַן
עלעמענט פֿון) איראָניע. א'ער שמייכל. א'ער
זשעסט. „דער פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט
האָט נאָך דאַן געהאַט פֿאַר אים א'ע
גענדזנפֿיסלעך“, שנ, קריטיק און קריטיקער. „און דער
רובל... אויף דער ערד... האָט א, געקוקט
אויף די צוויי לאַכנדיקע חבֿרים און האָט ווי
גערעדט: 'אַהאַ, אַלץ איבער □.ר',,, אַר, 'דער
ליגן'. “אַ סטיל וואָס די קריטיש־שאַרפֿע ראַיה
האָט זיך... געראַנגלט מיט דער א'־מילדער
אײַנגעהאַלטנקייט פֿון וואָרט,,, ש. ביקל,
שרײַבער פֿון מ□ן דור I ־קייט — „מיט אַ

פֿון.
אויבן־אַראָפּ־טאָן, פֿול מיט ביטול און נאַרישער
א,,,, צײַט, טמז, 22 1953 III.
איראַציאָנאַליזם — דער, ־ען. 1. שיטה
וואָס האַלט אַז דאָס איראַציאָנאַלע האָט די
אייבערהאַנט אין לעבן און אין די כּוחות פֿון
קאָסמאָס. 2. איראַציאָנאָלקייט אין טראַכטן און
אויפֿפֿירן זיך.

איז אָן שׂכל. א'ע באַשעפֿענישן. 2. וואָס האָט
איראַצ אָ נע'ל — אַדי. פּפֿ. ־נאַ'ל. 1. וואָס

פֿאַרלאָרן דעם שׂכל. אַרײַנפֿאַלן אין אַן א'ן
צושטאַנד. 3. אומלאָגיש, אומראַציאָנעל (←
661), וואָס אויף דעם ווירקן ניט קיין באַווײַזן.
אינסטינקטועל, עמאָציאָנעל. ,,ליטעראַטור איז
דער אמתער געביט פֿון נאַציאָנאַליזם... די
שפּראַך... דער אינערלעכער גײַסטיקער
אָפּקלאַנג, דער שטילער א'ער אָטעם“, קאָר II.
,,יענע אינטימע ליבשאַפֿט, וואָס איז אַזוי גו
ווי אינסטינקטועל, כּמו א',,, לע, וועלט או
וואָרט, נ,,י 1958. ,,ראַסן שׂנאה בכלל געהערט

צו די סאַמע א'ע, אומשׂכלדיקסטע

דערשײַנונגען,,, מ. שטאַרקמאַן פּאַש, 1964 II 15.

,

4. (מאַט) א'ע גל ײַ כ ו נ ג = וואו די
אומבאַקאַנטע איז אונטער אַ ראַדיקאַל . א'ע
פֿ ו נ ק צ י ע = וואָס מע קען ניט פּינקטלעך
אויסדר קן ווי אָ שײַכות צווישן צוויי
פּאָלינאָמיאַלן. א'ע צ אָ ל = וואָס מע קען ניט
פּינקטלעך אויסדריקן ווי אַ שײַכות צווישן צוויי גאַנצע

צאָלן. אויך פֿון דעם טיפּ 4. . ,,דער

מאַטע

.

איראַ'ק

מאַטישער לעזער ווייסט נאָך, אַז בּרוכצאָלן ווי אומענדלעך זיי זאָלן נישט זײַן, זײַנען נאָך אויך נישט אַלע צאָלן. עס עקסיסטירן נאָך א'ע צאָלן ווי אאַזוו“, גוטנ.

־נאַליטע'ט. ־נאַלקייט. ־נעלקייט.

איראַ'ק — גנ. אַראַבּישע מדינה אין נאָענטן מזרח אין באַסיין פֿון די טײַכן אייפֿראַט און טיגריס (פּרת און חידקל). בּיז 1921 — מעסאָפּאָטאַמיע. גרענעצט זיך מיט איראַן, טערקײַ, סיריע, ירדן און סאַאודי־אַראַביע. פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 370,977 קוו, קמ'. מלוכה אונטער אַ מיליטערישער דיקטאַטור, מיט דער הויפּטשטאָט באַגדאַד. 8,250'000 — 6 19l אײַנוו', 6,000 ייִדן [פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — O0,87 ייִדן4 ־יש — אַדי & סובּ. אַראַבּישער דיאַלעקט פֿון איראַק. ־ער — אײַנוואוינער פֿון איראַק.

א(י)רגון צבֿאי לאומי — [... צעוואָאי, לעאומי'] דער. 'נאַציאָנאַל־מיליטערישע־אָרגאַניזאַציע'. באַקאַנט אונטערן פֿאַרקירצטן נאָמען

א(י)רגון אָדער א, צ, ל'. טעראָריסטישע
געהײמע באַוועגונג פֿון רעוויזיאָניסטן אין די
צײַטן פֿון בריטישן מאַנדאַט אין א"י; זיך
אָפּגעשפּאָלטן אין 1936, מחמת אידײאישע און
טאַקטישע חילוקי־דעות, פֿון דער 'הגנה, וואָס
האָט פֿראָקלאַמירט 'הבֿלגה, — זיך־באַהערשונג;
דער א, האָט דורכגעפֿירט נקמה אַקטן קעגן

-

ענגלענדער און אַראַבער; [אין 1948 זיך
צונויפֿגעגאָסן מיטן צה"ל — צבֿא הגנה לישׂראל].
אירגוניסט — דער, ־ן. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
מיטגליד (אָנהענגער) פֿון ארגון. „עס האָט
געהאַט אַ טיפֿע השפּעה... אויף... א, צ, ל'",
בײנוש עפּשטײן, טמז, 3 □ 1967 III.
אירגענד — אין פֿאַרבינדונגען: א, וועלכער,
א, וואו. דטשמ. נר. „געגעבן זײַנע
געדיכטע... אָן א, וועלכע באַלוינונג„, א. האַרקאַווי
[מר I, הקדמה]. „נישט אײנמאָל גײען זײ אַלע
אין טעאַטער אָדער א, וואו„, רעד, גרשם
באָדער, יודישער פֿאָלקסקאַלענדאַר, לעמבערג
תּרע„א. אין שמואל־בוך, סטראָפֿע 695: אירגנט.
אירגענץ — [אַרויסרײד?] אַדוו. אַרכ. ערגעץ,
ערגעצוואו. "אירגנץ אײן מאָל אײן זאַך ווער

...", לט1, ה/א. „דער מענש זאָל ניט זײַן טרעג, ווען ער ווייש אירגנץ צו גיווינען אונ, און גיזוימט„, צאינה, מגילת רות. „ווען דער זון... איז אירגני□) אַהין גרײַזט...„, שאַר, יח.

אירדיש — אַדי. דטשמ. נר. ערדיש. „דער קערפּער איז דאָך פֿון איינער א'ע בּאַשאַפֿנהייט (טבֿע)„, אמד,... נטע גנבֿ, 1887. "צו לײַכטן פֿאַר א'ע וועלטן„, הר, געדיכטע און לידער.

אירוועס — אוקר. א□ן אויסדרוק: עס טויג אויף א, = עס טויג אויף שמאַטעס. ו□[Bai□i]: □ □>. געניצט אויך מיטן בּ: אויף כּפּרות.

אירוסין — [איי'רוסן] די. <כּתובות, א, בּ. 'דאָס פֿאַרקנסן', דאָס תּנאָים־שרײַבן, דאָס מקדש זײַן אַ פֿרוי. [אין תּנך־ און משנה־צײַט איז געווען אַ מנהג אַז שוין בײַ די תּנאָים פֿלעגט דער חתן מקדש זײַן די כּלה (מיט געלט אָדער

1334

אַ שטר) און זאָגן 'הרי אַתּ'... זי איז געוואָרן זײַן ווײַב 'מן האירוסין', און געבליבּן בײַ אירע עלטערן אין הויז. זי האָט דעם דין פֿון אַן

אשת־איש. ערשט אין אַ יאָר שפּעטער פֿלעגט
פֿאָרקומען די חתונה, און זי איז געוואָרן זײַן
ווײַב 'מן הנישׂואין'.] "דער מענטש... אַז ער
מאַכט... איין סעודת א', מוז ער (פֿאַר)בעטן
אָרעמעלײַט", קה, ווילנע תּרל"ח. „אָן איין קנין
און אָן א, גענומען אונדזער לעבן, אָן חופּה
און אָן קידושין אונדזער קינד אַוועקגעגעבן
[= דעם מלאך חמות]", ה. קליבאַנאָוו, די
בלודנע פֿייגל, ווילנע 08□1.

איר זאָלט זען — אַגבֿ־אורחא־זאַץ. געניצט
צו באַפֿעסטיקן די רייד, אַז עס איז אַזוי. איר
מעגט עס אָנקוקן. „די קינדער, א, ז, ז', דווקא
קיין עין־הרע, איבערגעוואַשענע קינדער", שע,
קליינע מענטשעלעך....

אירזום — אַדי & סובֿ. sam—.ד][Mhd: i. אַרכ.
פֿארבלאָנדזשעט פֿאַרבלאָנדזשענ□ש. טעותדיק,
-
׳
טעות. „דער זכרון מינדרט זיך, דא מעכט פֿיל
אַרלייא פֿר געסין ווערן. דער נאָך מעכט איין
גרושן א, קומן אונטר דען תּלמידי חכמים",
לט1, קלה/א.

אירזיניק — אַדי. דטשמ. נר. צעדרייט.
משוגע. ־יקייט.

אירז(ש)ע — די. בא a כ [i: <. וורר. פּפֿ:
אירזש, דער. זשאַווער, ראָסט. ,,
פֿאַרשטיי[ס]טו מענטש אַליין אַז אַ מאַשין... דער
בעל־הבית זאָל אויף אים גאָרניט קוקן, נו וועט
ער דינען פֿיל? מע זאָל אים ניט אַרומציסטען
פֿון אירזשע און פֿון פֿול און פֿון נאָך
אַזעלכעס...“, יצחק יחיאל סאָנענזאָהן מקאַרעליץ,
דרך האדם, ווילנע 1908.
אירזשען — ← הירזשען.
אירטוועגן — אַדוו. פּפֿ: אירעטוועגן. מיט
פֿון פֿ אַ ר. צוליב איר, איבער איר פֿאַר
איר. לויט איר, פֿון איר קוק, שטאַנדפּונקט
אע פֿון א, מעגט איר בלייַבן אין דער היים,,.

-

· ,,
,,האָט זי געזען דאָס מסירות־נפֿש וואָס ער האָט
פֿון אירעטוועגן“, נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'.
,,דיא נשמה גייט אַרויף, גייט דיא תּורה... און
צעבּרעכט פֿיל טויערן פֿון אירעטוועגן“, ספֿר
tיח ספֿונים. ,,ער האָט געטאָן די מצווה פֿון א,

[= צוליבֿ דער מצווה גופֿא]“, קה. „גאַנץ גלופֿסק האָט געמעגט פֿון א, אײַנגעזונקען ווערן“, ממוס, ווינטשפֿ. “מען איז שטיל געלאָפֿן פֿון א, נאָך וואַסער זי אָפּצומינטערן„, נס, משפּחה מאַשבֿער. אין פּד אָפּטער פֿ אַ ר א'.

אַלץ מער שטעכנדיק איז עס געווען פֿאַר א'„, ווײַס I, 'דאָס לעבֿן'. „אַ שטול וואָס מע האָט עקסטראַ פֿאַר א, געלאָזט ברענגען“, שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט, פֿאַר א, איז נישט „.

געווען קיין צו טײַערע זאַך בײַ אים„, י. אָקרוטני, דאָס בוך פֿון די עלנטע. „וואָס מע האָט דאָ אָנגעגרייט פֿאַר א, אין איר כלה־ש וובֿ„, סעג, 'גאָלדענע פֿאַוועס'. אויך בלויז א', אָן אַ פּרעפּ, ספּעצ מיטן בֿ: לויט איר. „א, מעג ער פֿאָרן וואו ער וויל“. ← אירנטוועגן.

אירײַטירן

אירטום .. דער, ־ען. אַרכ, איצט דטשמ. נר. טעות. גרײַז. „ער זיך קאַן הויטן [= היטן] פֿיר זוינד אונ, א'„ בראַנט, פּרק טו. „בײַא ווייניג רידן איזט ווינג א'„, מבֿחר הפּנינים,

הומבורג תצ"ט.

אירטיש — גנ. גרויסער טײַך אין
מערבֿסיבֿיר. בײַם א, זײַנען געווען פֿאַרשיקונג־
פּלעצער. ,,אונטער אײַז, דורכגעשטרייפֿט מיט
בליציקע קרישטאָלן, זיפּצט דער א, אין האַלבער
וואָר,,, סוצ, סיביר. ,,מײַן שכן האָט געבראַכט
פֿון א אַ קויש מיט געוויאָנדזלטע פֿיש", ז.
,

טעלעסין, סאָוו, היימל', 2 1962, No.

איריג אַציע — די, ־ס. <איי <ל. 1. (
אַגריקולטור) באַוואַסערונג. א, דורך קאַנאַלן מיט
דער הילף פֿון וואַסער־רערן, באַשפּריץ־
מעכאַניזמען אאַ. ,,[זיי זוכן] אַן אַנדער אויסוועג ווי
אַזוי צו שטערן ישׂראלס א,־פּלענער,,, ד
פּלינ־
.
קער, טמז, 2 .24 1964 I. (מעדיצין)
אויסשווענקונג מיט אַ פּליסיקייט און אויך
באַנעצונג אַז אַ וואונד זאָל בלייַבן פֿײַכט.
־אַטאָר — דער. 1. ווער עס פֿירט דורך
אַן איריגאַציע. ,,איר גרייט זיך ווערן אַן

עקאָ

נאָמיסט אָדער אַן א'?,,, ה קאַמענעצקי איבּז,
דער מענטש בּײַט די הקיט, מינסק l936.
2. מעדיצינישער אַפּאַראַט צו מאַכן אַן
איריגאַציע. ,,... אַ מין גלעזערנעם א, מיט די אַלע
צודאַטן צו בּאַשפּריצן אויף די פֿאַרוואונדעטע
ערטער", טאַרלער רבּי, סגולות ור ואות, לאָדז
1910(?). ,,בּײַ עצירות קען מען געבּן אַ האַלבּן
א, מיט זאַלץ, האָניק אָדער ריצנאייל", איבּז,
דער אוצר פֿון געזונד און לעבּען, וואַרשע
1908. ,,דער א, (שפּריצער) דינט אַלס אַן
איבּעראַל בּאַנוצט מיטל אויף אויסצורייניקן די
אורין־ (השתּנה־)קאַנאַלן און אויך אויף
אַראָפּצושווענקען די ליבּעס־זאָמען,,, דר, לעססער,
... מעדיצינישע מיטלען, וואַרשע 1908.
־ירן — טרוו. בּאַוואַ ערן. דורכשווענקען.
האַלטן פֿײַכט, נאַס. א, דעם עמק יזרעאל. א,
אַ וואונד ־ירונג.

.

איריד יום — ער. <איי. כעמישער
עלעמענט, טײַערער מעטאַל, ענלעך צו פּלאַטין.
סימבּאָל 1, אַטאָמישע וואָג 192.2.
אַטאָמישער נומער 77. מיט א, פֿלעגט מען בּאַדעקן די
נאָדל־שפּיצן פֿון די גרויסע שיף־קאָמפּאַסן. ,,א,

— אַ זעלטענער מעטאַל. ווערט געמאַכט מיט
פּלאַטין־לעגירונגען“, ס פּײַנסטאָון, כעמי נ“י
1920. ־יש — אַדי. א'ער שפּיץ פֿון אַ
גאָלדענער פּען.

איריזאַציע — די, ־ס. <איי <ל, גר.
פֿאַרשיידן־קאָליריקע אויסשטראַלונג. רעפֿלעקציע
פֿון רעגנבויגן־פֿאַרבן. א, (אין זונשײַן) פֿון
וואַסערשטויב בײַ אַ שטאַרקן וואַסערפֿאַל.
־ירן — טרוו. אויך: אירידירן.

אידי'ט(יס) — דער. בא. (מעדיצן)
אָנצינדונג פֿון דעם איריס פֿון אויג.

איריט ירן — טרוו. ־טיר, איריטירט. <איי
<ל. 1. אָרײַנברענגען עמעצן אין אַ
צושטאַנד ון גערייצטקייט. דערפֿירן צו
אומגעדולד, צו כעס. א, מיט אַ בייז וואָרט. „דאָס

אידים

וואָזיקע שווײַגן רעגט זי אויף, איריטירט זי,,.
2. (מעדיצין) אויפֿרייצן אַ נערוו. אָרויסרופֿן
ווייטיקן. צײַטווײַליק שעדיקן אַן אָרגאַן. א, די
אויגן מיט אַ שלעכטער באַלײַכטונג. א, דעם

מאָגן מיט אָן אומפֿאַרדײַלעכער שפּײַז. ־אַנט.
־ירונג. ־ירטקייט.
איריס — דער, ־ן. <איי <גר. 1. (
באָטאַניק) געוויקס פֿון דער ליליעס־פֿאַמיליע. וואַקסט
ווילד און ווערט אויך קולטיווירט. האָט לאַנגע
פֿאַרשפּיצטע בלעטער און
וויאָלעטבלויע געלבלעכע בלומען. די
קערנער פֿון טייל מינים א'ן ווערן גענוצט
אין דער □אַבריקאַציע פֿון פּאַרפֿומען.

“אָט נידערן צו אונדז אַזוי פֿיל
קווייטן און דאָרפֿישע א'ן„, סעג,
לירישע לידער, קיִעוו 1919. “מיטן
זומער: א, בליט ליליעדיק און גרינג„,
א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט.
.1ris □e□ic□o□or
2. (אַנאַטאָמיע) פֿאַרשיידן־קאָליריק הײַטל
אַרום שוואַרצאַפּל פֿון אויג. רעגנבויגן־הײַטל.
א,־ה ײַ ט ל. א'־ה ו י ט. „... שטייט דאָס בלוט..
רער־הײַטל אָפּ פֿון ווײַסל. דער טייל פֿון
בלוטרער־הײַטל איז פֿאַרשיידן קאָלירט בײַ
פֿאַרשיידענע מענטשן און רופֿט זיך דעריבער
רעגנבויגן־הײַטל אָדער א'„ ט. בערלס,

מענטשמאַשין, קיִעוו 1927.
3. (גריכישע מיטאָלאָגיע) די געטין פֿון רעגנבויגן.

איריס — דער, ־ן. רוס. אויך: א'קע, די. צוקערקע. קאַראַמעלקע געמאַכט אויף מילך און מאַלץ מיט אַ צוגאָב פֿון איריס־עקסטראַקט. „אַ בודקע וואו דאָס יונגוואַרג פֿלעגט קויפֿן נאַשערײַען — א'ן... מאָנפּאַסיע... און זעלצערוואַסער„, י. גאָרעליק, אַמעריקאַנער, 1960 17 ‏I.

איריק — אַדי. 1. וואָס געהער(ט) צו א י ר (דאַטיוו), איז שייך צו איר. „זי האַלט זיך בײַ א'ע אויסרעכענונגען„. די שוויגער נעמט זיך אָן פֿאַר אַלע א'ע„. „די צווייטע ווײַב האָט -

אים אָפּגעזונדערט פֿון א'ע אין דער משפּחה“. ”זי שפּאַרט זיך אײַן און באַשטייט אויף דאָס א'ע„. „זאָל זי טאָן דאָס א'ע, איך וועל טאָן דאָס מײַניקע„. „דיא זונה מוז דאז אירי טון...„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ תּמ„ה? „זי האָט אויסגעפֿירט דאָס א'ע: מיר האָבן זיך געמוזט גטן“, עט, ,דער פֿעטער פֿון אַמעריקע„.

2. אַרכ. דזוו זייעריק, וואָס געהערט צו זיי.

>איר ▯I. ,,טייליש האבין נעביך אַל דאז איריגי פֿאַר קאַפֿין,,, גה, 82. ,,נון קומן דיא הונד אונ, עסן דאז איריגי ווידר פֿון דעם קצבֿ,,, מבֿ, מעשׂה ל. ״דיא זעלביגי לײַטן מוזן דאָך דאשׂ איריג טאָן,,, לט1, קמח/א.

אירכע — די, ־ס. 1. <▯a:▯irc1. ווייכע לעדער פֿון שאָפֿענער אָדער ציגענער פֿעל.

2. פֿאַסיקל פֿעל, אָפּגעשאָבן, אָן האָר, אַרײַנגענייט צווישן צוויי פֿעלכלעך פֿון אַ פּויעריש פּעלצל. אַרײַננייען אַן א', די נאָט זאָל זיו בעסער האַלטן. 3. ,,א, איז אָ שמאָל פּאַסיקל

▯[3▯1

לעדער וואָס ווערט אַרײַנגענייט אין נאָט פֿון דער כאָליאַווע,,, י. בערגער, ייִשפּ ▯3 ,XX.

אירכען — אַדי. אַן א, פּאַסיקל. א'ע הענטשקעס.

אירל — דאָס, ־ס, ־עך. לאָקל, בוקאָווינע, מג. פֿקפֿ פֿון אור (← 816) = זייגער פֿאַרריכטן

.

דאָס א.,

אירלאַנד — גנ. 1. דער קלענערער און מערבֿדיקער פֿון די צוויי הויפּט־אינדזלען פֿון דער גרופּע בּריטישע אינדזלען פֿאַרנעמט אַ
.
שטח פֿון 84,252 קוו, קמ,. 2. זינט 1921 שטאַט, דערנאָך רעפּובּליק אויף דעם גרעסטן טייל פֿון אינדזל, מיט דער הויפּטשטאָט דובּלין
[2,849,000 — 1966 א.נוו', 5,400 ייִדן (פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — 3,686 ייִדן)].
פֿעלקער וואָס ווילן פֿרײַ זײַן מוזן זײַן פֿרײַ—

-

,,
און א, וועט פֿרײַ זײַן,,, מר I ו, נ,,י 1910.
אירלענדיש — אַדי. אירלענדער —
דער. אײַנוו, פֿון א'.
אירליין — [ערלען?] אַדי & סובּ.: Mhd
rlîn. אַרכ. וואָס איז פֿון אָלכע־האָלץ און אָלכע. ,,ווילשׂטו רוזן וריש בּהאַלטן בּישׂ צו ווײַאנכטן, נים לויטער הוניג אונ, בּשטריך די רוזן דר מיט אונטן אונ, אובּן אונ, נים דען איין גרושׂ אירלינש הולץ דער אויש גבּירט אישׂט

און, ליג די רוזן דריין און, ור שלאָג עשׂ דען
מיט אירליין הולץ,,, כּ״י, 'ספר הרפוּאות,,,
1474 [דווקא, No 17].
אירליכט — דאָס, ־ער. דטשמ. בלענדליכט,
בלענדפֿײַערל. ווינקפֿײַערל. מיראַזש. ,,איינע
לופֿטיקע ערשײַנונג אָדער איין איר ליכט,,,
אמד, דער אידישער פּאָסלאַניק, ווילנע 1880.
,,עס האָט ניט מיראַזשן מײַן מדבּר, קיין א, —
דער טונקעלער וועג״, אַל. ,,און עס גייען אָלע
דורות נאָך מײַן א',,, אצג, מעפּיסטאָ.
אירלעך — [אַרויסרייד: ערלעך?] אַדי. אַרכ.
וואָס איז מיט ער, מיט כּבוד. ,,צוויי מלאָכים
בּישופֿין זײַן די דען שבּת גאַר אירליך
אָנטפֿנגן,,, 'בּנימינס שבּת־ליד', בּאַלד נאָך של,,ד
[בּיר, ייִבל XIII, 1 ־]. .
אירן — אוטוו. אַרכ, פֿאַר כּלל־שפּראַך דטשמ.
[Mhd: ir][נI] בלאָנדזשען. האָבּן אַ טעות,
זיך טועה זײַן פֿאַרפֿירט זײַן. ,,(טעיתי) איך
.
האבּ גאירט און, איך טוא (תּשובה),,, מחזור
ר״ה ויו,,כּ, הומבּורג 1721. ,,ער גינג אוישׂ דעם
וועג אונד גינג נעבּיך איר״, מלכים־בּוך. אויך
מיט ז י ך — ,,דוא קאַנאַט דיך אויך וואַל אירן,
דיין נבֿיאות הוט איין מושׂ,,, שמואל־בּוך,

סטראָפֿע 287. „ער זיך אַזו שטאַרק האָט אין
זײַן שטערן טועה גוועזן און אין גלגל זיך
זייער גאירט האָט“, משה אײַזענשטאַט, איבֿז,
דרך הישר לאבֿן בוחן, אָרט? 1746.
־ונג — „אויסאַרבֿעטן נאָך פֿיל זוכונגען און
א'ען„, זשיט III, נ"י 1912.
אירן—אוטוו, דריטפֿערזאָניק אירט, געאירט. לד.
1 .n. Mhd: דזוו יוירן, יערן,
פֿערמענטירן, אויפֿגי ן. „די ראָשטשינע אירט אַזש
אַריבֿער דעם מולטער“. „אַ פֿעסל ווײַן איז
געשטאַנען און געזײַערט און מחמת זויערקייט האָט

אירסט אַלבֿן

דער ווײַן אָנגעהויבֿן א, און דײַסן זיך אַרויס„,
שע פֿון כתרילעווקע. 2. בֿרויזן, זיך רײַסן
,
פֿון אינעווייניק (וועגן שטאַרקע געפֿילן). „
שעפֿערישע ענערגיע האָט געאירט אין דער יוגגער
ייִדישער אימיגראַציע„. „די געזעלשאַפֿטלעכקייט
וואָס האָט איין צײַט געבֿרויזט און געאירט בײַ
אונדז אין ליטע„, ימ, פֿרײַטיק, לעפּײַ 1925.
אירנהויז — דאָס, ־הײַזער. דטשמ. דולהויז,

משוגעים־אַנשטאַלט. „.... ער אַליין איז אויך ערשט פֿאַראַיאָרן אַרויס פֿון א',„ ייִפֿאָל, 1882 .II 2

אירנטוועגן — 1. דזוו אירטוועגן, אירעטוועגן. [זן אין ריידשפּראַך פֿון 20. י"ה.] „דא הייש̂ט זיא איין קינד בעטרין [=קימפּעטאָרין] אונ מן איז מחלל שבת פֿון אירנט וועגן,„ לט1, עט/ב. "אין שומרון וואַר... איין גוועלטיגר פֿון אירנט וועגן [פֿון קלעאָפּאַטראַס וועגן]", יוסיפֿון, אַמשט 1743, ע/ב. „די מצווה פֿון מילה איז אַזוי חשובֿ אַז מע מעג פֿון א, מחלל שבת זײַן", תּקוני שבת, אוסטרהא 1818. „זי ווייסט נישט אַז דאָס קליינע גליק מיט זיך פֿון א,„, א. בּ. דוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע 1865.

2. אַרכ. דזוו זייערטוועגן. ← איר ▯I. „דיא האָבן מחזיר גיוועזין דען עולם צו תּוהו ובֿוהו, דז איזט אירנט וועגין חרבֿ גיווארין דאשׂ בּית המקדש", נצ1, ה/ד. „די טרעהרן פֿון די ווײַבּר געך קומן [פֿאַר גאָט], אַזו קומט פּורעניות פֿון אירנט וועגן,„ עח, יג/ד פֿון אירנט וועגן [עס „ .
רעדט זיך וועגן קינדער] האָט גאָט דיא תּורה גיגעבּן,„ מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קד/ב.

אירס — 1. נייטראַל, אָן אָדער נאָך אַ סובֿ, פֿון
פּאָסעסיוון פּראָ א י ר (◌.. איר III). „די צײַט טוט זיך א'„.. „קער אום אַלץ וואָס איז א'“, תּי, מלכים בֿ, ח, 6. „דאָס וואָרט א'... ציט ערשט טרײַנע־סאָסיען בײַם צונג“, ממוס, ווינטשפֿ.

2. געניטיוו פֿון פּערזענלעכן פּראָ ז י. [אַזוי ווי אירער. דער געניטיוו איז אין ייִדיש פֿון 20. י„ה מער ניטאָ.] „מע שפּילט דעם חתן וויינענדיקס — און אים איז א, אין זינען„, שוו. [דער ווערבֿ אין זינען האָבֿן האָט געהאַט פֿאַרלאַנגט דעם געניטיוו. בֿ: ער האָט זי, זײַן כּלה, אין זינען, שפּעטערער נוסח: „... און ער האָט ז ײַ נ ס אין זינען„.]

3. אַרכ. דזוו זייערס (← איר ◌ I). „זיא [= זיי] טואן... דען ווילן אירשׂ בּשע◌ פֿר„, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, לד/א.

אירסגאַל — צונויפֿשמעלץ פֿון: אירס◌־.עגאַ'ל (אַגאַ'ל). פּד. גלײַך צו איר, פֿון דער זעלבֿיקער סאָציאַלער מדרגה ווי זי. אַזוי ווי זי. „לאָז ניט דײַן שוועסטער זיך חבֿרן מיט איר, יענע איז ניט א'„.. „מע רעדט איר אַ שידוך מיט אים, אָבֿער ער איז דאָך ניט א'“.

אירסטהאַלבן — אַדוו. פּד. לויט איר (
אײַנשטעל, פֿאַרלאַנג, כּוונה), פֿון איר שטאַנדפּונקט.
,,א, מעג מען בלײַבן דעם גאַנצן זומער אין
דער היים,,. ,,א, זאָל די ייִנגערע שוועסטער
פֿריִער חתונה האָבן,,.

אירע

אירע — פּראָ. מצ. פּד, גאַליציע, אוקר. <אירע
& אירער, אַרכ, (= פֿון זיי, פֿון זייערע) מיטן
איבערשטעל פֿון ווערטער. געניצט מיטן ב:
פֿערזאָנען, פֿאַרשוינען. מענטשן, מיטגלידער
פֿון אַ ג ר ו פּ ע. ,,מיר זענען געווען צוויי
(דרײַ אאַזוו) א'. צען א, אינאיינעם“. ,,אוי, די
ווײַכער ווען פֿינף א, רעדן אַלע מיטאַמאָל,,.
[אין לד: זאַלבעצווייט... זאַלבעפֿינפֿט אאַזוו.]
,,אונדזער משפּחה איז אַ גרויסע: צוועלף א'“.
,,בעסער איז תּמיד צוויי א, פֿון איינעם“, סס,
קהלת תּקע“ט, ד, 9. ,,דרײַ פֿערד... שלעפּן
קיין קאַבצאַנסק א, אַ פּאָר מנינים ייִדן“, ממוס,
ווינטשפּ. ,,לאָז זײַן אַ ביכל אויף פֿירן, אויף
פֿינף א'“, שע, 'פֿריילעכע קאָמפּאַניע'. ,,זעכציק
א, בײַם צוקאָפּן, זעכציק א, יעדן אָוונט קומען
אָן און מיך באַהיטן,,, האל, וויי און מוט,

מאָסקווע 1929. „די עטלעכע א, פֿון דער
חבֿרהקדישא“, ז. דיאַמאַנט אָרויס, מעקסיקע, אַנ,
'
1962. „וויפֿל טריט אַזוי פֿיל א'“, פּמ, סתּם.

„ס'מאַרשירן דורך אין קרירה הונדערט טויזנט
א,“, ע פֿינינבערג, זינגעוודיק, 1936. „איר האָט
.
הײַנט אַ סך א'ס [א, אינגאַנצן אַ סובֿ!] אין
טעאַטער? לאָזט אַרײַן נאָך א יִי ן א'“, רייד
(קאַרפֿאַטאָרוס) [יִיפֿאַ, 6 ,1938־7].
דאָ אומעטום — אַ צאָל־באַגריף, דערנאָך א'.
אַרכ אַ פֿאַרקערטער סדר. פֿון בבֿא־בוך — „עשׂ
.
וואַרן אירר עכט הונדרט אודר מין“ (520); „עשׂ
וואַרן איר צוויי טויזנט אודר מין“ (597); „אירײ
צוויינציג לופֿן דאהין גאַר גישווינדן אונ, אירר
נויין לישׂן זיך אין טורן הינאבּ“ (260); פֿון
מבּ — “בּײַא לייַבּ זײַט גיהיט אַן דען מכשפֿות,
דען עשׂ זײַן אירי אַכטציג“ (מעשׂה פּח).
אירעאַ'ל — אַדי. אומרעאַל (← 665).
אַנטלויפֿן אין אַן א'ער וועלט. “ער האָט געשאַפֿן,
אויסגעטרוימט עפּעס אַ מאָדנעם, אַן א'ן־רעאַלן

יש“, שנ, ה. לייוויק, 888 1 — 948 1. ־יטע'ט
— די. ־קייט.

אירעגול□ע'ר — אַדי. אומרעגולער (←
665). א'ע אַרמיי. ־אַריטע'ט — די.
־קייט.

אירעדענט□ע — די, ־ס. <איי <איט. '
ניטאויסגעלייזט'. 1. טעריטאָריע, פּראָווינץ וואָס
איז אָפּגעריסן פֿון מוטערלאַנד און
איבערגעוואַלד אײַנגעשלאָסן אין באַשטאַנד פֿון אַ
פֿרעמדער מלוכה. 2. באַוועגונג אין (און מחוץ)
פֿון אַ געגנט אַראָפּצוּוואַרפֿן אַ פֿרעמדע
אייבערהערשאַפֿט כדי זיך אָנצושליסן אין שטאַמלאַנד.
„אַ מינאָריטעט־גרופּע — אויב זי האָט ניט
קיין אַחיזה אין אַן א'־באַוועגונג... — האָט
שוין אַזאַ טבֿע, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער מישט
זי זיך אויס מיט דער מאַיאָריטעט“, גרינ,
.. טאָגבוך. „דאָס וואָלט באַשאַפֿן די סכּנה
פֿון אַן א, — איבערהויפּט ווען מע זאָל די
פּאָליאַקן עוואַקואירן אויף מזרח„, מוו,

היטלערס פּראָ□עסאָרן. ־יזס — דער. באַוועגונג
צו באַפֿרײַען אַ געגנט פֿון פֿרעמדער מאַכט
(ספּעצ אין איטאַליע אין 1878). ־יסט.

אירעטוועגן — —). אירטוועגן. פֿטמ נוסח.

„ער האָרעוועט פֿון א'„. א, אויך אין תּי, אין

יעבֿ ק־איבערזעצונגען, אויך בײַ יד, בײַ
שרײַבערס פֿון פּד אאַ.

אירעליג יע'ז — אַדי. אומרעליגיעז, בּבֿ 1־2
(←667). ־יאָזיטע'ט — די.
אומרעליגיעזיטעט. „איך באַטראַכט זייער א, פֿאַר
עכטער רעליגיע", גרינ, איד און וועלט. ־
יעזקייט.

אירער — פּראָ 1. נאָמינאַטיוו, מענלעך, פֿון
פּאָסעסיוון פּראָ א י ר (.. איר III) וואָס קומט
אָן אַ סובסטאַנטיוו אָדער נאָך אים. דער מאַן
א'. „א, איז עפּעס גאָר אַ שלימזל„. „ער איז
גרייט צו ווערן א', אָבער נאָר ווען זי וועט
אײַנווילִיקן צו איבערגיין צו זײַן גלויבן„, פּ.
רודאָי, טמז, 1965 III י 8.

2. געניטיוו פֿון פערזענלעכן פּראָ ז י. "ער
האָט מאַנגל אונ, האָט א, זער ניטיג", חה, אַמשט
1716, קג/ב. "געלויבּט צו גאָט אַז איך בין
א, פֿטור געוואָרן", עט, סערקעלע.

3. אַרכ געניטיוו פֿון פערזענלעכן פּראָ ז יי

[אין הײַנטצײַטיקן ייִדיש. פֿון זיי פֿאַר זיי].

, .

← אירע. אַרכ. ,,אירר צוואלף טויזנט זיך בײַ אַנגדר בֿונדן'', בבֿא־בוך, 150. ''מלחמה פֿירן און, זיך אירר אַן נעמן'', עפּש, דרך הישר לעולם הבא פֿפֿדמ תּמ"ה?, מה/ב.

,

4. ארכ. זייער (← איר ▯ י I). ''ישׂראל [לויטן בּ: מצ] ווערט גיהולפֿן גאַנץ אויש אירר נוט,,, שמואל־בוך, סטראָפֿע 41.

אירערליי — טח פֿאַרטײַטשט אַזוי 'למינהם, (בּראשית, א, 21) און אַזוי אויך 'למינה, (דבֿרים, יד, 13). [תּי: ,,לויט זייערע מינים'', ,,לויט זײַנע מינים''.]

אירפֿייערל — דאָס, ־עד. דזוו אירליכט, ←.

. ▯

,,האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: די א'עד זײַנען פֿאַרוואָגלטע נשמות וואָס בלאָנדזשען אָרום אויפֿן עולם־התּוהו'', נ. בּרוסילאָוו.

אירצן — טרוו. אירץ, געאירצט. זאָגן א י ר צו איין פּערזאָן, בײַם אַרויסווײַזן דרך־ארץ, אין איידעלן אופֿן ווענדן זיך. ← איר II, בּ2.

,,אַמאָל האָבן מיר דעם פֿעטער געאירצט און אַמאָל אים געדוצט,.. ,,זאָג נישט יענעם דו,

וועט מען דיך א',,, שוו. ,,מעגסט שוין וויסן
אַז אַן עלטערן דאַרף מען א'‘‘. ,,אַ חסידישן
רבין האָבן אַלע, יונג און אַלט, אַפילו זײַנע
בני־בית, זײַן מוטער, זײַן ווײַב און אַפילו
זײַנע קינדער — געאירצט,,, מ. רעכטמאַן,
ייִבל XI־II. ,,די גלאָז דאַרף מען א, און דעם
בראַנפן דאַרף מען דוצן‘‘, [שפּאַסיק ווערטל,
ווען מע דערלאַנגט אַ ביסל בראַנפן אין אַ
גרעסער גלעזל]. ,,בײַ די מוסרניקעס, אויך
אין אַנדערע ליטווישע ישיבות, האָט מען
געאירצט אויך די יונגע בחורימלעך,,. ,,די
רעדאַקציע זאָל אויפהערן זיך אַליין צו א'... דער
רעדאַקטאָר זאָל נישט שרײַבן 'מיר', ווען ער
מיינט 'איך'‘‘, נאַד, טינט און פעדער, נ,,י 1936.
,,מײַן ווײַב וועלכע פלעגט מיך שעלטן... האָט
גאָר מורא געקריגן פאַר מיר און אירצט מיך,,,
יהודא חאַזאַנאָוויטש..., קורץ און שאַר I,
קעשענעוו 88 1. ,,דער לערער האָט קיינעם
ניט געזאָגט דו, האָט געאירצט אַפילו די

קינאיש אהד יהטאַ

דער פון די אונטערשטע קלאַסן,,. ,,זי האָט
נישט געקענט פועלן בײַ זיך צו זײַן מיט איר

אויף דו און אויך נישט געקענט זי א'״, ייִז, יאָשע קאַלבּ. מיט ז י ך — קזוו.

אירקלע — די, ־ס. irk1as: ‏. לאָקל, זאַמעט. וויאָסלע. פֿירן אַ שיפֿל מיט איין א'.

אי״ש — ר„ת פֿון: 1. אַדוני, יתבּרך שמו — גאָט, געלויבּט זײַן נאָמען; 2. אמת, יושר, שלום. „אונדזער פֿאָן וועט זײַן... פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, און אויפֿגעשריבּן וועט אויף איר זײַן נאָר איין וואָרט אי„ש״, נ. בּרוסילאָוו, די שטילע ערד. פֿון דעם ר„ת — אַן אי'שעווער, מענטש פֿון אמת, יושר און שלום. געהערן צו דער קליינער א, חבֿרה.

איש — דער, מצ: אַנשים [אַנאָשים] ←. > בּראשית, בּ, 24; ד, 1 אאַ. מענטש, פֿערזאָן, מאַן. ערשטער טייל פֿון אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן און אויסדרוקן, למשל: איש־אלוהים, איש חשובֿ. ווײַזט אויפֿן אָפּשטאַם (פֿון אַן אָרט אָדער משפּחה): א'־פּינסק, א'־וואַרשע, א'־הורוויץ [יצחקאײַזיק בּן אַריה־צבֿי הלוי איש־הורוויץ, 1860—1924], ר, שלמה אפֿרים איש־לונטשיץ [בּעל'כּלי־יקר]. „אָדם איז אַ מענטש — און איש איז אַ מענטש...״, שוו, . אָדם בּ2. „א, איז געטלעכקייט, אָדם איז מענטשלעכקייט, גבֿר

איז שטאַרקייט, צוזאַמען ווערט עס
מענטשלעכע הויכקייט,,.. ,,איש באַטײַט: אמת, יושר,
שלום, אָבער וואו געפֿינט מען אַזאַ איש?,,, שוו.
,,עש זאלי בקנס גדול פֿרבאָטין זײַן דש אַף
בשעת נישׂואין ח,,ו קיין א, או בחור ונער עם
אשה בעולת־בעל צו טאַנצין זיך אונטרשטין
זאָלי'', 'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה
יצ''ו מיום הועד נ,,ע, [נידרענהיים], מן כא
אייר, תּקל,,ז (1777). שפּאַסיק בײַם מאָנען
געלט — ,,אַ מענטש איז א', און ריבאַ איז .ש,
און געלט אויפֿן טיש''.
א'־אַדמה — [... אַדאָמאָ] דער, מצ:
אַנשיאַ, [אַנשיי...]. פּפֿ: א'־האדמה. תּח.
בראשית, ט, 20. ,מענטש פֿון דער ערד'.
ערדאַרבעטער. ,,ער האָט ליקווידירט זײַנע געשעפֿטן
און איז געוואָרן אַן א'־אַ',,. שפּאַסיק: ''ער איז
אַן א אַ, — ער ליגט נעבעך נײַן איילן טיף

טײַער אין דער אַדמה,,..
איש (אוהבֿ) אמת וצדק — [... אויהעוו
ע'מעס וואָצעדעק] זאַץ. תּח. <לויט די ברכות
פֿון מפֿטיר: נבֿיאי האמת וצדק. אַ מענטש
,

וואָס האָט ליבּ אמת און גערעכטיקייט,. „עס
פֿעלט אונדז נאָך... איין א, א, א, ו'... דער
אונדז בּדרך הישר מנהיג זײַן זאָל„, קורות
העתּים, יאַס, 21 ,6 l860, No/א.
איש אהד — [... ע'באָד] דער, מצ: אַנשים
אַחדים [אַנאָשים אַכאָדים] ←. תּח. <בּמדבּר,
יג, 2 אאַ. איין מאַן. ״ראשים וטובֿים...
מאגין איין איטליכר א, א, אויף ליגן... צו
איינם קלויבּר, דער דא קיין שײַכות הוט צו
דעם דער אין אויף ליגט„, תּקק.
איש אהד יהטא ועל כּל העדה תקצוף?
— [... עכאָד יעכטאָ וועאַל קאָל האָאיידע
טיקצויף?] זאַץ. תּח <בּמדבּר, טז, 24: „האיש

איש־אלוהים

א'... זאָל איין מענטש זינדיקן און אויף
דער גאַנצער עדה זאָלסטו צערענען?„, תּי.
[משהס רייד צו גאָט ער זאָל ניט אומבּרענגען
די גאַנצע עדה איבּער קורחן.] גענוצט מיטן בּ:
מע טאָר ניט בּאַשולדיקן (בּאַשטראָפֿן) אַ כּלל
איבּער זינד פֿון אַ פּרט, אַ רבּים איבּער אַ יחיד.
איש־אלוהים — [... עלאָ־ק'ים (עלאַהים)]
דער. מצ נבּ. פּפֿ: א'־האלוהי. געוויינלעך:

א׳־אלוקים. תּח. <דבֿריס, לג, 1.
געטלעכער מאַן, תּי. געניצט מיט בּבֿ: 1.
גאָטספֿאָרכטיקער, גרויסער צדיק, ירא־שמים. ״דער רבֿי
אונדזערער איז אַן אמתער א,־א, סײַ אין זײַן
התנהגות, סײַ אין זײַן צידקות״. „מענטשן
זאָגן ער איז אַן א׳־א׳, דינט דעם רבּונו־
שלעולם מיט רחבֿות,,, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער.
□ ער איז אַן א,־א׳... ער איז אַ שטאַרקער
מקיל,,, דוד פֿרישמאַן, קלייניגקייטן, טאַרנאָוו
1894.
2. אויסדערוויילטער, דערהויבּענער,
אידעאַלער מענטש. „משה איז נתעלה געוואָרן צו
דער מדרגה פֿון א׳־א, ערשט נאָכדעם ווי ער
האָט געבּענטשט די בּני־ישׂראל, און ווײַל ער
איז תּמיד געווען מיט זיי און האָט זיך
אָנגעליטן צוליבֿ זיי״, אור החיים, דבֿרים, לג, 1.
„אַפֿילו פֿון א, הא, האָבּן זיי [די מדרשים און
אַגדות] בּשום־אופֿן ניט געוואָלט אַוועקנעמען
דעם איש,,, איק, 24 IX 1965. „משיח דאַרף
זײַן... דער א׳־א, וואָס ס׳גאַנצע בּאַשאַף וואַרט
אויף אים און גאַרט נאָך אים,,, אָפּאַ,
בּרכּוכ□א.
א׳־אמונים (־נות) — [... עמונים(־נעס)]
דער. מצ נבּ. <משלי, כ, 6; כח, 20. 'אַן

ערלעכער מענטש', תּי. 1. אַבּסאָלוט באַגלייבּטער, אַחריותדיקער אין אַ הויכער מדרגה. אַן עדות אַן א'־א'. „אַזאַ א'־א, ווי ער איז מעגט איר אָנפֿאַרטרויען אומגעציילט געלט". 2. איבּערגעגעבּענער אין אַ הויכער מדרגה. „אַן א'־א, ווער קאָן געפֿינען?„ (לויט משלי, כ, 6). 3. אַ מענטש וואָס טוט חסד און ט▯בֿות און איז עס ניט מפֿרסם.

א, אָמיד — דער, מצ: אַנשים אַמידים [אַנאָשים...]. >בּבֿא קמא, סבּ/א. פֿאַרמעגלעכער מאַן, יוסטער בּעל־הבּית (אָבּער ניט קיין גאָר גרויסער עושר). „און אויבֿ ניט היא ווער, און ווער איין א, אָ', איז מחויבֿ זײַן ווײַבּ אודר זײַן חבֿר פֿר אים בּיצאלין„, תּקק. „ער איז אַן א, אָ, און שטעלט זיך שיין אין דבֿרים שבּצדקה„.

א'־אמת — [... עמעס] דער, מצ: אַנשיאמת [אַנשיי־...]. פּפֿ: א,־האמת. >נחמיה, ז, 2. מענטש פֿון אמת. ווער עס גייט תּמיד אָן גראָדליניק מיטן אמת. „ערשטנס האָט מען געזאָגט אויף אים אַז ער איז אַן א'־א'„, שע, דוד מלך ישׂראל'. "דער א'־הא, פֿאַר וועלכן אַפֿילו די קעגנער האָכּן געבּויגן דעם קאָפּ„, טמז, 15 XI 1965 פֿאַראַן געוויסע גרענעצן,

— — ,, .
וואָס אויך אים — דעם א'־הא, — איז ניט
מעגלעך געווען אַריבערצושפּרײַזן", מ קאַליקשטיין,
איק, פּסח תּשכ,,ז.

1337

א'־אשבּולות — [... עשקוילעס] דער. מצ
נבּ. תּח. <לויט חולין, צב/א; סוטה, ט, ט.
אַ מאַן — אַ הענגל ווײַנטרויבּן, [פּונקט ווי
,
אַ הענגל ווײַנטרויבּן איז פֿול, אָנגעפּראָפּט, אַזוי
איז דער מאַן מלא וגדוש מיט וויסן און מעשׂים
טובֿים]. געניצט מיטן בּ: תּלמיד־חכם וואָס איז
אַ מושלם מיט אַלע מעלות. אויך צדיק. גרויסער
געלערנטער אויף אַ פּאָר געביטן. ,,וואָלטן מיר
געקאָנט אַרײַנקריגן אַזאַ א,־א, וואָלט ער געווען
אַ ברכה פֿאַר אונדזער תּורה־מוסד". ,,אַזוי
האָט ער זיך נוהג געווען, דער א'־הא',,, טמז,
.12 □ □ 19(□ □
איש (את) בּשׂר רעהו יאכלו — [... (עס)
בּסאַר רייאייהו יויכיילו] זאַץ. תּח. <ירמיה,
יט, 9. 'און איינער דעם אַנדערנס פֿלייש
וועלן זיי עסן', תּי. כאַראַקטעריזירט אַ

צושטאַנד פֿון קריגעריַי און פֿון שטאַרקער שׂנאה.
פֿונדאָסניַי קעגנזיַיטיקע פֿאַרדעכטיקייט
פֿון,,
,
דאָסניַי א, א, בּ, ר, י',,, זלמן שזר, טמז,
.X 19 23
איש את רעהו — [... עס רייאייהו] פֿראַזע.
תּח. <שמות, לבֿ, 27. 'איטלעכער און זיַין
חבֿר', תּי. געניצט מיטן בּ: איינער דעם אַנדערן.
פֿון שׂנאה און מחלוקת אין שטאָט וואָס א, א,
,,
ר, וויל דערשלינגען אין פּרנסה,,, פּוקח עורים,
נ,,י תּ,,ש, פּרק לה.
א, בּגד — [... בּויגעד] דער. מצ נבּ. צבּ.
דזוו בּוֹגד פֿאַררעטער. אומגעטריַיער,
אומלאָ.
יאַלער. ,,וועל איך גינענט ווערן מיט איין
שלעכטן נאָמען א, בּ', דאשׂ הייששׂט איין
פֿאַלשער קעגן מיַין הערן,,, א. פּאַוויר, גדולת יוסף,
יוזעפֿאָוו תקצ"ח.
א, בּטוה — [... בּאָטואַך] דער. מצ נבּ.
<לויט תּהלים מא, 10: 'גם איש שלומי
אָשר בּטחתּי בּו'. 1 פֿאַרלאָזלעכער מאַן.
.
,,קאָנסט אים געבּן אַ הלוואָה. ער איז אַן א,

בּ', ער וועט דיר אויסצאָלן בּיז צו איין פּרוטה,,.
2. שליש, נאמן.
א'־בּית — [... ־בּאַיִס] דער, מצ:
אַנשיבּית. פּפ̄: אַנשי־הבּית. <בּראשית יז, 27.
מיִ. בּעל־הבּית. אײַנוואוינער פֿון הויז. מצ:
הויזלײַט, הויזגעזינד.
א'—בּליעל — [...־בּלי־יאַ'אַל] דער, מצ:
אַנשי־בּליעל [אַנשיי־...]. <שמואל בּ, כ, 1;
משלי, טז, 26. ,נידערטרעכטיקער מענטש',
תּי. געניצט מיטן בּ: רשע, אויסגעלאַסענער,
פֿאַרדאָרבּענער. אוממאָראַלישער, אויסוואָרף.
[אויסגעטײַטשט: בּלי־עול — אַראָפּגעוואָרפֿן
דעם יאָך פֿון אייבּערשטן, רשי, דבֿרים, יג, 14.]
,,היר איז מן מודיע... דאָס א'־בּ, שון מכמה
וכמה שבֿועות אין חרם געשטאַנדן'', 'פּנקס
אה,,ו', תּפּ''ד [ייִבּל XXXIII] פֿאַרוואָס זאָל דער
. ,,
רשע עריץ, דער א'־בּ, בּײַ אונדז ייִדעלעך זײַן
דאָס אייבּערשטע פֿון שטייסל?,,, א.
מאָרגענשטערן, עגל הזה◌ וואַרשע 1898. ,,בּין איך
מחויבֿ... צו בּאַשרײַבּן זײַנע סימנים כּדי מע
זאָל דעם א'־בּ, ערקענען,,, ייִפֿאָל, 1 l883' No.
איש־בּער לא ידע — [... ־בּאַאַר לוי
יעידאַ] זאַץ. תּח. <תּהלים, צב, 7. 'דער

איש־ההלכה

בהמהשער מענטש ווייס ניט', תּי. [צווייטע העלפֿט: 'וכסיל לא יבֿין זאת, — און דער נאַר פֿאַרשטייט עס ניט (אַז דער דערפֿאָלג פֿון רשע איז בלויז צײַטווײַליק, עפּעמעריש).]
,,כ'האָב מיט אים גערעדט קלאָרע דיבורים, ברחל בתּך הקטנה, אָבער א'־ב, ל, י, — ער האָט זיך ניט געכאַפּט,,.

א'־גמזו — [...־גאַמזו (גימזו)] דער. תּח. <תּענית, בא/א. 'דער מאַן פֿון גמזו'. דער באַרימטער דרשן נחום פֿון גמזו, ר, עקיבֿאס רבי פֿלעגט אויך אויף אַ צרה שטענדיק זאָגן

'גם זו לטובֿה, (אויך דאָס איז צום גוטן, ס'וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן). אויף דעם סמך דער ב: גרויסער בעל־בטחון, אויסגעהאַלטענער אָפּטימיסט. ,,אָט דער א'־ג, נעמט אויף די נײַע גזירה מיט נײַער האָפֿענונג“.

א, גס — [... גאַס] דער, מצ: אַנשים גסים [אַנאָשים גאַסים]. <לויט אָ▯ות, ד, ט: גס־רוח. אומאיידעלער, גראָבער מענטש. אַראָגאַנט. ,,ער איז געווען אַן א, ג', אַ מומר להכעיס,,, חג,

טמז, 28 III 1969. חכמהלע: ער איז אַ
גסמענטש [ווש מיט גאַסמענטש, טרעגער].
א׳־דבֿרים — [...־דוואָרים] דער. מצ נבֿ.
<שמות, ד, 10. 'מענטש פֿון ווערטער,, תּי.
געניצט מיטן בּ: אַ שיינרעדנער, בעל־לשון,
אָראַטאָר. ,,אונדזער רבֿ איז אַן א׳־ד', ס'איז
ממש צו קושן זײַן יעדער וואָרט,,.
א׳־דמים — [...־דאָמים] דער, מצ:
אַנשי... <תּהלים, ה, 7; נט, 3. 'דער מאַן פֿון
בּלוט', תּי. געניצט מיטן בּ: רוצח, בּלוטזויגער.
,,ניטאָ וואָס צו רעדן פֿון אונדזער בעל־הבית,
ער איז ממש אַן א׳־ד,,,.
א׳־(ה)בּינים — [...־האַבּײנאַיִם] דער.
סצ נבֿ. <שמואל א, יז, 14; יז, 23. '
צווישנמאַן, פֿאַרמיטלער, מעקלער, אויסגלײַכער,
.
פּשרה־מאַכער. ״שפּיל ניט די ראָלע פֿון אַן א׳־
בּ, מיר וועלן זיך אַליין אויסגלײַכן״.
א, הגון — [... האָגון] דער, מצ: אַנשים
הגונים [אַנאָשים האַגונים]. <לויט חולין,
קלג/א. אין דער תּפֿילה פֿון שליח־ציבור פֿאַר
מוסף ר,,ה און יום־כּיפּור: 'הנני העני...,
,,ואע,,פּי שאיני כּדאַי והגון,,. דזוו אָדם הגון
←. אָנגעזעענער, חשובֿער, ערלעכער,

לײַטישער מענטש. (גענוצט צו באַצייכענען עמעצן וואָס איז צוגעפּאַסט סאַר זײַן וויכטיקער

פּאָזיציע, זײַן געהויבענעם מעמד). "אַז ס'וועט קומען צו אײַך דער מענטש... בעט איך אײַך איר זאָלט זען אים צו טאָן אַ טובֿה, ער איז איין א, ה',,, קח.

א, הדיוט — [... העדיעט] דער, מצ: אַנשים הדיוטים [... העדיוטים]. <לויט מגילה, יב/ב. 'פּשוטער מענטש,, פּראָסטער חי־וקיים. גענוצט מיט בּבּ: 1. נאַרישער מענטש. ,,מיט דעם א, ה, לאָזסטו זיך אַרײַן אין וויכּוחים?". 2. עם־האָרץ. ,,... האָט כּל ימיו עוסק געווען בּמיצוות, כאָטש ער איז געווען אַן א, ה',,, קמ, .No ,1870 9

א'־ההלכה — [...־האָהאַלאָכע] דער. מצ נבּ. דער וואָס פּירט זיך אויף לויט די

פּאָראיש הידא

שריפּטן פון דער הלכה. ,,דער ישיבֿה־מאַן דאַרף זײַן אַ בּן־תּורה און אויך אַן א'־ה,", ז. וואַרהאַפּטיג, טמז, 1963 ־י 12.

א, הירא — [... האַיאָריי] דער. מצ נבֿ. <דברים, כ, 8. 'פֿאָרכטיקער מאַן'. ,,אין די צײַט וואָס מען איז צוזאַמען מיט מערערע מענטשן און עס ווערט דאָרט גערעדט פֿיל דבֿרים בטלים, דאַרף דער א, ה, אָנצופֿאַנגען צו ריידן פֿון די נפֿלאות הבורא“, ר, יצחק האַמבורגער, איבֿז,)יח יצחק, קראָקע 1882.

א, הירא ורך הל בֿ — [... ווייראַך האַלייוואָוו] דער. <דבֿרים, כ, 8. '

שרעקעוודיקער און ווייכהאַרציקער מאַן'. “האָט קיר,,ה געדאַרפֿט האָבן מיליטער... האָט מען צווישן די ייִדן געקליבן די זעלנער, ווי די אתרוגים פֿאַר סוכות... אַלעס איז געווען אַ מיחוש, אַפֿילו א, ה, ו, ה',,, הערצל אָפּשאַן,

ביתיראל — וויזשניצער רבי'ס הויף, סיגעט 1939.

א, הישר בעיניו יעשׂה — [... האַיאָשאָר בייאײנאָוו יאַאַסע] זאַץ. תּח. <שופֿטים, יז, 6; כא, 25. ,איטלעכער האָט געטאָן וואָס רעכט אין זײַנע אויגן', תּי. באַצייכנט אַ צושטאַנד פֿון געזעצלאָזיקייט, הפֿקרות. ,,נאָך דער מלחמה איז געווען אַ כאַאָס, א, ה, בֿ, י,“. מע ניצט אויך: א, כל ה, בֿ, י'. ,,ס'איז הפֿקר אַ וועלט: לית דין ולית דיין, א, כ, ה, בֿ, י'“,

פּרץ, שטעט און שטעטלעך. ״לײַדער הערשט אויפֿן דאָזיקן געביט [װען מע פֿאַרקויפֿט אַ מקום־קדוש דער רעגירונג אָדער אַ פּריװאַטן קונה] אַ לאַגע פֿון א, כ, ה, ב, י,״, ניסן גאָרדאָן, טמז, 22 □ 5 □ 19 II.

איש־(ה)מעשׂה — [...־האַמאַאַסע] דער, מצ: אַנשי־... [אַנשיי־...]. <סוטה, מט/א. 'מענטש פֿון טאַט,. געניצט מיט בבֿ: 1. פּראַקטישער טוער, רעאַליסט, בעל־תּכלית. ״ער איז אַ גרויסער אויפֿטוער, אַן א'־מ',,. ,,מען איז מכבד אַן אמתן תּלמיד־חכם, אַ ירא־שמים און אַן א'־מ'״, א. לײזעראָװיטש פֿון אַלטן קװאַל,

,

פּעטראָגראַד 1918. ,,איז ער [דער פּאָעט] נישט קײן מענטש פֿון טאַט, קײן א'־המ',,, יהואָש, דער דיכטער דער זעער,. ,,אַ פּרעזידענט דאַרף זײַן אַן א'־המ'״, ש. ביקל, טמז, 1965 III □י 27. 2. װער עס היט אָפּ, יאָגט זיך צו טאָן מצװות מעשׂיות. װער עס גיט אַ סך צדקה. ,,ר'... איז ניט קײן גרױסער למדן, אָבער ער איז אַן ערלעכער א'־המ'״.

א'־הסדר — [...־האַסײדער] דער. מעטאָדישער, דיסציפּלינירטער מענטש.

א'־הספֿר — [...־האַסײפֿער] דער, מצ:

אַנשי־.... אַ מענטש פֿון בוך'. 1.
ליב,
האָבער פֿון ספֿרים, ביכער. ביבליאָפֿיל. "ער
האָט אַ גרויסע מעלה. ער איז אַן א'־ה', דעם
לעצטן גראָשן וואָס ער שפּאָרט אָפּ גיט ער
אויס אויף ספֿרים", סמב. 2. געלערנטער,
מלומד. "איז אַוועק פֿון אונדז אויפֿן
עולמהאמת דער גרויסער א'־ה',, צײַט, טמז,
23 8 ◻ 19 II.
א, (ה)פּשוט — [... האַפּאָשוט] דער,
מצ. אַנשים הפּשוטים [אַנאָשים האַפּשוטים].

1338

<לויט במדבר רבה, ו, ו. 1. געוויינלעכער
מענטש. איינער פֿון פֿאָלק, פּשוטער חי־וקיים.
ווער עס קען ניט לערנען. "... אַ ירא־שמים,
נאָר ער איז געווען גאָר אַן א, פּ',,, א.
שפּערלינג◻ ליקוטים II (טעמי המנהגים), לעמבערג
תרס,,ט. ,,דער וועג פֿון תּשובֿה דורך תּעניתים
און סיגופֿים איז דער וועג פֿון אַן א, פּ, וואָס
קאָן ניט זיצן און לערנען", חג, טמז, 1959 II ◻י 7.
דזוו איש הדיוט, ב1. 2. (חסידות) דער וואָס

פֿלײַסט זיך ניט צו אַנטוויקלען זײַנע פֿעאיקייטן
צו דערגרייכן מאָראַלישע שלימות. „דער א,
הפ, וואָס טוט ניט מיט זײַנע כּוחות רוחניים
פֿון שׂכל און אַרבעט ניט אויף דעם קנין פֿון
מידות טובֿות„, לדבֿ, נ״י תּשי״ז.

א׳־הרוה — [...־האָרואַך] דער, מצ:
אַנשי־הרוח. <הושע, ט, 7. 'מענטש פֿון
גײַסט,. ווער עס איז פֿאַרטאָן אין גײַסטיקע
ענינים. אינטעלעקטואַל. „די וועלטישע מאַטערן
זיך צו דערגרייכן זייערע תּאוות, און דער א׳־
ה, מאַטערט זיך צו דערגרייכן אַ העכערע
מדרגה״, חג, טמז, 7 ▯ l959 III. „אַן א׳־ה׳, אַ
מענטש וואָס באַוועלטיקט אײַך מיט זײַן ייִדישער
גײַסטיקייט„, אפֿא, טמז, 6 l964 ▯ I. „בובער
איז.. געווען אַן א,־ה׳„, טמז, l965 ▯ l5. אויך:
קינסטלער, שעפֿערישע פּערזענלעכקייט.

אישו — די, ־ס. אַמ. 1 .▯> .issue:)
וויכטיקער) ענין. אַקטועלע פּראָבלעם.
שטרײַטפֿראַגע. מאַכן פֿון עפּעס אַן א׳. די וויכטיקסטע
א, בײַ די וואַלן. ״דאָ אין אַמעריקע... איז
טעאַטער גאָר אַ גרויסע א, בײַ דער פּרעסע״,
יו▯ל זב לכ▯וד א. מוקדוני, נ״י l927. ״די א,
האָט אים געבראַכט מער שטימען ווי אַלע

אַנדערע א'ס“, הלל ראָגאָף, פֿאָר, 2 .5 1967 I.
נומער פֿון אַ פּעריאָדישן זשורנאַל. די א, פֿון
פֿאַרן חודש יוני.
... -
איש ואשה — [... וועאישע] פּראַזע. תּח.
<שמות, לו, 6; ירמיה, נא, 22. 1. מאַן און
ווײַב. מאַנצביל און פֿרוי. 2. יעדער מאַן און
יעדע פֿרוי. “דאָס גאַנצע שטעטל, א, ו, זײַנען
נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה פֿונעם רבֿ, ז,,ל“.
אישור — [אישער און אישו'ר] דער, ־ים [
אישו'רים]. באַשטעטיקונג. ,,באַלד נאָך דעם א,
פֿון דער רשימה פֿון די תּלמידים, האָב איך
פֿאַר דעם תּלמיד אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן
סדר,,, לדב, נ“י תּשי,,ז. “האָט נאָך מיט צוויי
יאָר צוריק זיך פֿאַרשריבן צו פֿאָרן אויף
הכשרה. קיין אישור איז נאָך ניט אָנגעקדמען,,,
י. עלבערג, איק, ר“ה תּשכ“ד.
א'־הכשרה — [...־האַכשאַראַ']
באַשטעטיקונג אַז מע האָט דורכגעמאַכט די הכשרה
פֿון אַ חלוץ. ,,אָן אַן א'־ה, קריגט מען ניט
קיין סערטיפֿיקאַט“.
אישו'רן — טרוו. נעאָל. באַשטעטיקן,
קאָנפֿירמירן. אַפֿירמירן, באַווילּיקן. ,,איך האָב
אײַך אַלץ געשריבן באַריכות, און איר האָט

מיר אַפּילו ניט געאישורט מײַן בריוו,,, י. מאַניק,

□ בּ.
א(י)שות — [אישוס] די. <עבֿודה זרה, לו/ב;
יבמות, כג/א; נז/א; עו/א. כּוללדיקער

בּאַאיש־המם

גריף פֿאַר אַלע ענינים, הלכות און דינים וואָס
שייך בּאַציאונגען צווישן□ מאַן און פֿרוי, ספּעצ
די דינים פֿון חתונה, גט, עגונהשאַפֿט. ,,די
פֿראַגע פֿון א, בּכלל און פֿון עגונות בּפֿרט...
אַנטהאַלט אין זיך די האַרבּסטע איסורים“,
הרבֿ מ. טײַץ. ”מע נייטיקט זיך אין
סידורגיטין, אין אַן אויסגלײַך בּנוגע ענייני א'“,
ענטפֿער פֿון הרבֿ ר, יוסף בּער סאָלאָווייטשיק,
טמז, 13 □1965 III. *טאָן עפּעס לשם א, =
מיטן צוועק חתונה צו האָבן.
א(□)שות— [אישעס] די. מצ פֿון אשה. 1. פֿטמ.
פֿאַרגרײַזט, אַנשטאָט נשים. ,,מענער זיצן
בּאַזונדער און א, זיצן בּאַזונדער,,.. ,,די טראָגנדיקע
פֿרויען דאַרפֿן זיך פֿאָרשטעלן אַז זייער
טראָגן... איז אַ נאַטירלעכער שטאַנד פֿאַר אַלע

א'„, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער,
ווילנע 1836. 2. תּח. <יחזקאל, כג, 44. דזוו
פֿרויען אָדער ווײַבער, אָבער פֿעיִאָ [ווײַל די
פֿאָרעם נ ש י ם בינדט זיך מיט ייִדישלעכע
פֿאָרשטעלונגען]. “איך האָב געננוג צרות פֿון
מײַן אייגענער אשה, ווילט איר איך זאָל זיך
מישן אין קאָשיק מיט אָט די א'?“.
איש־היל — [...־כאַייִל] דער, מצ, אַנשי־חיל
[אַנשיי־...]. אויך: ־הייל. <בּראשית, מז,
6; שופֿטים, ג, 29. 1. העלדישער מאַן,
קריגסמאַן. קריגסהעלד (קאַל ווב). שטאַרקער,
מוטיקער, קריגערישער. די אַנשי־ח, פֿון
וואַרשעווער געטאָ. „[דער בּריסקער רבֿ] האָט
ווײַטער געפֿירט זײַן התנגדות בּיד חזקה, מיט
חרמות און תּקיפֿות פֿון אַנשי־ח'„, פּרץ,
„צווישן צוויי בּערג'. 2. איר. זעלנער בּכלל.
„זעט נאָר דעם א'־ח', ווי דער מונדיר ליגט
אויף אים“. 3. גרויסער אויפֿטוער, בּריה.
פֿירן ס'געשעפֿט ווי אַן א'־ח'. 4.
באַהאַרצטער. אײַנשטעלער. „בּחסד השם־יתבּרך האָט
זיך שטאַרק אונטערגעגאַרטלט איין א'־ח„,
ר, מרדכי שמשׂ, און... האָט איבּערגערעדט
דעם שׂר“, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, מגילת
אי▯ה, לובּלין 1895.

א, הכם — [... כאָכעם] דער, סצ: אַנשים חכמים [אַנאָשים כאַכאָמים]. <מלכים א, ב, 9; משלי, כו, 12 אאַ. קלוגער מענטש, בעל־שׂכל. זיך האַלטן ▯אַר אַן א, ח'. „און דאָך וואַר ער אַן א, ח, דאָס מע פֿלעגט צו אים קומען עצות פֿרעגן“, אמד.

א־המודות — [...־כאַמודויס] דער. מצ נבֿ. <דניאל, י, 11. 'באַליבטער מאַן'; פֿײַנער, איידעלער, טאַקטפֿולער מענטש. אַזוי ווערט באַצייכנט דער תנכישער דניאל, בכן ווערט עס אַן אָפֿטער קאָמפּלימענט פֿאַר אַ מענטשן וואָס הייסט דניאל. „... איז אַשכּנז איין א־ח, אַז ער איז מקיים שלש־סעודות“, אַשכּנז.

א־המס — [...־כאָמאָס] דער, מצ: אַנשיחמס [אַנשיי־...]. <משלי, טז, 29; תּהליס, קמ, 12. 'רויב־מענטש'. 1. פֿאַרברעכער. פֿאַרדאָרבענער. אויסוואורף. די פּאָגראָמשטשיקעס, די אַנשי־ח,. 2. באַרײַסער, הויטשינדער, ווער עס רײַסט אַ פּאַס. אַן א־ח, וואָס לאָזט זיך באַצאָלן אַ דרײַפֿאַכן פּרײַז. שפּאַסיק וועגן

איש־המד

מוכרי־ספֿרים, ווײַל די ראָשי־תּיבֿותן פֿון חמס:

חומשים, מחזורים, סידורים. „כאַפּ און קויף...
אָפּילו ווען דער מוכר־ספֿרים וועט ווען אַ
הויכן פּרײַז, ווײַל וואָס קאָן מען טאָן מיט די
אַנשי־ח'?„, בּיאַליק פּבֿ.

א'־הסד — [...־כע'סעד] דער, מצ: אַנשיחסד [אַנשיי־...]. <משלי, יא, 17. 'גנאָדיקער מענטש'. איידעלער, גוטהאַרציקער. בּעל־מידותטובֿות. "דער אמתער א'־ח, איז זייער אַ גרויסער מאַן, און דער עיקר צײַט ווערט נאָר דורך אמתע חסדים", נחבֿ, מעשׂה מהז, בּעטלירס'.

„ווען איך לייען... וועגן אַ גבֿיר. ▯. אַז ער האָט געשאָנקען געלט פֿאַר טובֿת־הכּלל, מע רופֿט אים א'־ח'", פּ.א.ר., דער אָרעמאַנן, וואַרשע 1879. „... נישט בּלויז טאָן חסד, נאָר ווערן אַן א'־ח'. דאָ גייט ניט וועגן פֿעולות פֿון מענטשן, נאָר וועגן פּעולות אין מענטשן", ה. זײַדמאַן, טמז, 20 1967 I.

א, הסיד — [... כאָסיד] דער, מצ: אַנשים חסידים [אַנאָשים כאַסידים]. <דבֿרים, לג, 8. גאָטספֿאָרכטיקער. [לכתּחילה אַ העכערע מדרגה ווי צדיק אויפֿן סמך פֿון 'צדיק ה, בּכל דרכיו וחסיד בּכל מעשׂיו', תּהלים, קמה, 17.] ווער עס איז שטאַרק אָפּגעהיט סײַ אין מצוות שבּין אָדם למקום סײַ אין מצוות שבּין אָדם לחבֿרו. ווער

עס פֿירט זיך לפֿנים משורת־הדין. [שפּאַסיק, ווען אַ ווײַבּ טראַכט ווי אַזוי דער מאַן זאָל ווערן דער פּרנסה־געבּער] „זאָל ער ווערן אַ רבֿ — איז ער דאָך אָבּער אַן א, ח', זאָל ער ווערן אָ רבּי קאָן ער דאָך לערנ ן„, יע, דאַווענען, וואַרשע תּרע״ח.

א, ה, היה — [.. האָיאָ] זאַץ. 'אַ פֿרומער מאַן איז געווען'. ערשטע ווערטער פֿון אַ זמר לויטן א״בּ, וואָס מע זאָגט מוצאי־שבּת פֿאַר הבֿדלה. [ס איז אַ מעשׂה מיט אליהו הנבֿיא וואָס האָט אַרויסגעהאָלפֿן אַן אָרעמאַן אַן אבֿיון, אָנבּאָטנדיק דעם א, ח', ער זאָל אים פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ קנעכט; געפֿינט זיך אין מע יות החכמים פֿון דבּנו נסים בּן־יעקבֿ, 11. י„ה.] „אויך זאָגן מיר אם שבּת צו נכט (א, ח, ה') דשׂ זיא הוט אין גישיקט אויף דען מרק דא איז אים אליהו הנבֿיא בּיגעגנט אונ, הוט אין רויך גימאכט״, בּראַנט, פֿרק יב פֿון אליהו הנבֿיא —

״ .

ווייס ער פֿון מעשׂיות, און נישט דווקא יענע מעשׂיות פֿון המבֿדילס א, ח, ה'„ אַר, 'דער מאָדערנער אליהו הנבֿיא'. ״יעדער פֿון זיי איז געגליכן צום א, ח, וואָס ווען אים זינגט מען

שבּ־צונאַכטס: אַ חסיד איז געווען אָן שפּײַז

און דערנערונג',,, באַש פּאָר, 6 1958 IX. אַן
*
א, ח, פֿון די זמירות = אַן אבֿיון אין זיבּן פּאָלעס.

א, השובֿ — [... כאָשעוו] דער, מצ: אַנשים חשובים [... כ(אַ)שווים]. <תּנחומא, שמיני. דזוו אָדם חשובֿ, ← 42. אָנגעזעענער חשובֿער מענטש. ,,בײַ אים איז געווען אַ מלמד. ער איז געווען אַ מופֿלג בתּורה און איז געווען אַן א, ח',,, שבֿחי בעש,,ט, זשאָלקעוו 1850. ,,איר פֿאָטער... אַן א, ח, בײַם רבּין", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,קומען זיך צוזאַמען עטלעכע

אַנ1339

שים חשובֿים, פֿײַנע בעלי־בּתּים,,, פּרץ, יוחנן מלמדס מעשׂהלעך'

א, טהור — [... טאָהויר] דער, מצ: אַנשים טהורים [... טהוירים]. <בּמדבּר, יט, 9. ,ריינער מאַן'. אומשולדיקער, צניעותדיקער, ערלעכער. ,,דער אַלטער שנײַדער איז אָן א, ט', ער וועט ניט נעמען ייִתּור כּי הוא זה".

א, טובֿ — [... טאָוו (טויוו)] דער, מצ: אַנשים טובֿים [... טויווים]. <שמואל בּ, יח, 27; משלי, יד, 14. גוטער, גוטהאַרציקער מענטש. „מיר זעען אָפּט אַן א, ט, איז אַ הולטײַ דאָס רובֿ„, ש. וואָלצינאָק, דער בעקאַנטער דאָקטאָר, וואַרשע 1882.

א, טמא — [... טאָמיי] דער, מצ: אַנשים טמאים [... טמייאים]. <לויט בּמדבּר, ט, 10. 'אומרײנער מאַן'. אוממענטש, זינדיקער, פּושעישׂראל. ספּעצ ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אַ מיאוסער פּראָפֿעסיע. „ווי גלײַך וואָלט געווען ווען אונדזער... דער א, ט', וואָלט אַליין אויסגערופֿן: 'רבּותי, איך בּין דער גראָבער וואָס האָט געמאַכט אַ פֿאַרמעג דורך... מערדערישע פּראָצענטער'„, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

אישטאַר — די. בּא. (מיטאָלאָגיע) די הויפּטגעטין אָדער איינע פֿון די געטינס בּ אַ צאָל

י

סעמיטישע פֿעלקער (אין תּנך — עשתּורת). „די צוֹרים האָבּן זיך געריסן בּײַ די... בּערד און גערופֿן די געטיכע א'„, ייִט, טאָג, 6 XI 1958.

אישטוּפּ — דער, ־ס. ו]ש[:.. לאָטיק.

שמאָל לעפּעלע מיט אַ שאַרף־שפּיציקן עק,
אַרײַנצושטעכן אין אַ פֿאַרמאַכטן זאַק מעל כּדי
אַרויסצובאַקומען אַ ביסל אויף אַ פּראָבע.

איש טמא שׂפתים — [... טמיי־ספאָסאַיִם]
דער. מצ נבֿ. <ישעיה, ו, 5. אויך:
טמאשׂפֿתיס און טמא־שׂפֿתימניק. ,מענטש
מיט אומרייִנע ליפּן,, תּי. ניבול־פּהניק,
רכילותניק, מיאוסער ליגנער, מסורניק. ,,לאָזט אים
אין שטובּ ניט אַרײַן, דעם א, ט'־ש'",.

א, יהודי — [... יעהודי] דער, מצ: אַנשים
יהודים. <אסתּר, בּ, 5. ייִד. ייִדישער מענטש.
פֿאַרוואָס דער פּסוק רופֿט מרדכי הצדיק א, י,

"... ווײַל ער איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים,,,
נוצ, ב/א.

אישיות — די. מצ נבֿ. זן. פּערזענלעכקייט.

א, יקר [... יאָקאָר] דער, מצ: אַנשים
יקרים [... יעקאָרים]. טײַערער מענטש,
זעלטענער, איידעלער. ,,ווען מע האָט דאָ מכבד
געווען מיט דעם שישי? אַ קאַטאָוועס אַן א, י"?
אַ גנבֿ, אַ גזלן...,,, דער יוד, פֿאַר פּסח,
וואַרשע 1881.

א, ירא־אלוקים — [... יעריי'־עלויקים]
דער. <איובֿ, א, 8; בּ, 3. גאָטספֿאָרכטיקער

מאַן. בײַ יוסף ◌וואַרשן, חנוך לנער פֿיורדא

,

תּקל״ד.

א, ישר — [... יאָשאָר] דער, מצ: אַנשים ישרים [... יעשאָרים]. <איובֿ, א, 1.

ערלעבער, געוויסנדיקער, רעכטפֿאַרטיקער. ווער עס גייט אויפֿן גלײַכן וועג. „קענסטו דעם רבֿ פֿון סטאָלין? האָט ער געענטפֿערט: יאָ... ער איז

איש לאהליך, ישׂראל

אַן א, י״, קח. „וויל ער זײַן טאָכטער

בשום ◌ ◌

אופֿן נישט אַוועקגעבן פֿאַר אַ קורצן ראַק, כאָץ ער איז באמת אַן א, י'„, דער רײַזענדער, וואַרשע 1883. „ער איז געווען אַן ערלעכער,

◌. א, י„„ מ. י. בערדיטשעווסקי.

א'־ישׂראל — [...־ייִסראָעל] דער. > דבֿרים, כט, 9; שופֿטים, כ, 22 אאַ. דזוו אָדם מישׂראל (← 43); איש מישׂראל (←). ״יעדער א'־י, אָדער אשה איז מחויב צו עסן שבת דרײַ סעודות„, הר◌ א. ברודא, הליכות עולם,

אונגוואַר 1864.
איש אַדיקוס — דער, ־ן. <איי <ל. (
מעדיי
צין) שפּרינגאָדער בײַם דיך (אייבערשטן טייל
פֿון דער פּאָלקע). „.... ווען גראַנגל בײַנאַכט
פֿון יעקבֿ אָבֿינו מיט אַן אומבאַקאַנטן, ווען
דער אומבאַקאַנטער האָט באַשעדיקט בײַ יעקבֿן
דעם נערוו א, און צוליב דעם האָט יעקבֿ
גענומען הינקען„ פֿגעז, ווילנע 6 1938, No.

אישיאַס — דער. בא. דזוו איסכיִאַס ←.
'געלענק פֿון היפּט'. אָנצינדונג פֿון הויפּט־נערוו,
. דפֿוו. „א, ווערט אָנגערופֿן אַ קראַנקייט,
וואָס דריקט זיך אויס אין ווייטיקן אין איינע
(אָדער זעלטן ביידע) אונטערשטע ענד[־טיילן]...
א, איז אַ קראַנקייט פֿון דעם נערוו
אישיאַדיקוס“, צש פֿגעז, 11 1933, No. „שמערצן אין
אַ פֿוס פֿון אַ נערוון־ווייטיק פֿון אויבן ביז
...

אַראָפּ, וועלכעס... ווערט אָנגערופֿן מיט דעם נאָמען א‘“, טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות, לאָדז 1910(?).

איש כמתנת־ידו — [... קיימאַטנאַס יאָדוי]

פֿראַזע. תּח. <ד▯ריס טז, 17. 'איטלעכער לויט דער גאָבֿ פֿון זײַן האַנט', תּי. [בײַ עולהרגל זײַן קיין ירושלים, אויבֿ איינער האָט אַ גרויסע משפּחה און איז געבֿענטשט מיט אַ פֿאַרמעגן, זאָל ער בּרענגען קרבּנות וויפֿל זײַן גוט האַרץ זאָגט אים, חגיגה, ח/ב.] גענוצט מיטן בֿ: איטלעכער גיט (זאָל געבֿן) פֿאַר אַ צדקה־זאַך לויט זײַנע מעגלעכקייטן, לויט אַן אייגענעם אָפּשאַץ, אָן קיינעמס אַרײַנמיש פֿאַרן

,, ·

מגבּית מאוחדת גיט מען א, כ'־י',,, רייד (בֿ,,א).

אויך: א, כּפּי נד▯בת־לבֿ▯.

א, כּפּרי — [... קאַפּרי] דער. <לויט קידושין, מד/ב. 'דאָרפֿמאַן'. ,,אַ מלך האָט אַרויסגעטריבֿן זײַן זון... איז ▯.. ער... געקומען.צו אַן א, כּ, — אַ דאָרפּסמאַן,,, משלי יהודה, חלק שני, נ,,י תּרע,,ג.

א, כּשר וישר — [... קאָשער וועיאָשער] דער, מצ: אַנשים כּשרים וישרים [... קשיירים

ווי־יעשאָרים (וועיעשיירים — צוליבן גראַם)].
צבֿ. 'אָרנטלעכער און ערלעכער מאַן.. „דער
אר״י ז„ל איז אײַנגעשטאַנען בײַ אַן א, כּ, ו,
און ער האָט דעם אר„י ז„ל גרויס כּבֿוד
אָנגעטאָן„, קה, ווילנע תּרל„ה, טו/א. אויך: א,
□שר.

א, לאהליך, ישׂראל — [...
לעאויהאָלעכאָ, ייִסראָעל] זאַץ. תּח. <לויט מלכים א,
יבֿ, 16. 'צו דײַנע געצעלטן, ישׂראל„ תּי.
[אַזוי האָט געזאָגט דאָס פֿאָלק צו רחבֿעם: מיר
האָבן ניט קיין חלק א□ן דודן, און קיין □רושה

איש לפֿעלו...

אין דעם זון פֿון ישי,....] געניצט מיט בבֿ:
1. זאָל יעדערער טאָן ווי ער פֿאַרשטייט. „ער
... וויל אויף קיינעם ניט אָנוואַרפֿן זײַן ווילן;
עס איז אַ מין רעזיגנירטער רוף פֿון א, ל, י',„
טמז, 2. 5 XII 1966. יעדערער איז פֿאַרטאָן
אין זײַנע פֿערזענלעכע ענינים, אָן אינטערעס
פֿאַרן כּלל. „דער דורכשניטלעכער ישׂראל־
בירגער איז געוואָרן אַ באַלעבאַטישער מענטש...
וואָס האַלט פֿון כּלל א, ל, י'„, טמז, 1 □ II 1965.

א, לפּעלו ואָדם לעבֿודתו — [...
לייפּאָאָלוי וועאָדאָם לאַאַוואוידאָסוי]. זאַץ. תּח.
<לויט תּהלים, קד, 23. [דאָרטן: יצא אָדם
לפּעלו ולעבֿודתו עדי ערבֿ — ,,גייט אַרויס דער
מענטש צו זײַן ווערק און צו זײַן אַרבעט בּיז
אָוונט", תּי.] געניצט מיטן בּ: איטלעכער
פֿאַרנעמט זיך מיט זײַן פֿאַך פּירט דורך זײַן
פֿונ,
קציע. ,,א, ל, ואָ, ל, — דער שנײַדער צו דער
שער און דער שוסטער צום וואַרשטאַט,,, שע,
ט□יה. ,,א, ל, ואָ, ל, — דער יעגער צום בּער
און דער שנײַדער צו דער שער,,.
א'־לשון — [... לאָשוין] דער. מצ נבֿ. תּח.
<תּהלים, קמ, 12. 'צונגמענטש,, תּי. געניצט
מיט בּבּ: 1. רכילותניק, לשון־הרעניק. 2. ווער
עס האָט אַ שאַרפֿע צונג. ווערטל־זאָגער.
בּעללשון.

-

א, מכין — [... מייווין] דער, מצ: אַנשים
מבֿינים [אַנאָשים מייווינים]. <דבֿרי הימים א,
כז, 32. ,פֿאַרשטאַנדיקער מאַן', תּי. קלוגער,
בּעל־שׂכל. ,,איז געקומען איין א, מ, און האָט

דעם שטיין אויפֿגעהויבן„, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, ווילנע תּרנ„ד.

א׳־מדון — [...־מאָדוין] דער, מצ: אַנשימדון [אַנשיי־...]. <ירמיה, טו, י. 'אַ מענטש פֿון שטרײַט', תּי. קריגערישער. ← איש ריבֿ ומדון. „דער א׳־מ׳, וואָס אייבּיק אין געפֿעכט און ווידעראַנאַנד, טוט אַרײַן די שווערד אין שייד„, בּרוך האַגער, איק, 10 1967 II.

א, מדיני — [... מעדיני] דער. ␣צ נבֿ. צבֿ. געזעלשאַפֿטלעכער מענטש, כּלל־טוער, ע␣סק בּצרכי־ציבּור. „דער דרך־התּורה איז צו זײַן אַן א, מ׳, נאָר על־פּי נויט מוזן מיר זײַן פּרושים“, ר, י␣ראל סאַלאַנטער.

א, מהימן — [... מעהיימען] דער. מצ נבֿ. תּח. <יונתן בּן עוזיאל, ד␣רים, לג, 8. בּאַגלייבּטער, אַבּסאָלוט פֿאַרלאָזלעכער. נאמן וואָס מע קען שטעלן אויף זײַן וואָרט. אַ ידיעה פֿון אַן א, מ׳. „אויף ניט צו געבּן איז ער [דער שווער] אַן א, מ׳„, קמ, 16 1869, No. „נאָר דער וואָס האָט דערציילט איז געווען אַן א, מ„, מע האָט אים געמוזט גלייבּן„, אָנוכי. „מיר פֿאַרלאָזן זיך אויף אָזאַ א, מ, ווי אונדזער מײַסטער„, ייִט, טמז, 1961 II 10.

א'־מופֿת — [...־מוי עס] דער, מצ:
אַנשימופֿת. <זכריה, ג, 8.   ,וואונדער־מענטש,.
געניצט מיט בּבֿ: 1. מוסטער־מענטש. אַ
מנהיג — אַן א'־מ'. ,,די גאַנצע שטאָט גבֿעה זאָגן
פֿאַרוואָס וויל ער [שאול] אַזוי אַן א'־מ, ווי דוד
איז ממית זײַן,,, גדולת דוד ומלכות שאול,
וואַרשע 1852.   2. בּעל־מופֿת. ווער עס

134()בּאַ

ווײַזט מופֿתים, צוליבֿ זײַן זכות טרעפֿן זיך
נסים. ,,אין דער שטאָט... איז געוואָרן
אויפֿגענומען אַ גרויסער רבֿ... מפֿורסם צו איין
א'־מ',,, אהלי צדיק פּשעמישל, יאָר? מיט דעם
בּ אויך: א'־מופֿתים [...־מאָפֿסים]. ,,איז
ער [ר, ישׂראל] חשובֿ געוואָרן אין שטאָט פֿאַר
אַן א'־מ', וואָרעם ווען ניט ער, וואָלטן זיי
ניט געווען אַרויסגעראַטעוועט אַפֿילו אַ קליינע
זאַך [פֿון דער שׂריפֿה]“, קח, ו/א. אויך: א'־
מ, גדול — גרויסער בּעל־מופֿת. “און יעדער
האָט געוואוסט אַז ער [דער בּעשט] איז איין
א'־מ, ג'“, קח, י/א.

־ ▯

א'־מהשכות — [...־מאַכשאָוועס] דער,
מצ: אַנשיי־.... <לויט ישעיה, נה, 7. מאַן
פֿון אידייען, געדאַנקען. דענקער, טיפֿזיניקער,
בעל־מוֹח. „ער איז אַן א'־מ, און בעל־מעשׂים“,
איבּז, ש. י. עגנון, היימיש, 1958, No 10.

א, מטונף — [... מעטונעף] דער, מצ: אַנשים
מטונפֿים [... מעטונאָפֿים]. צבֿ. אומריינער
מאַן, שמוציקער, מטונפֿדיקער, טינופֿתדיקער.
„יעדער האָט געדאַרפֿט אַ שפּײַ טון אין פּנים
אַרײַן און אויסשרײַען: א, מ„„ ייִל, ניט טויט
ניט לעבעדיג, ווילנע תּרנ“ח.

איש מישׂראל — [... מעייִסראָעל] דער.
<דברי הימים א, כא, 14; אור החיים, שמות,
יט, 3. „אַ מאַן [פֿון די קינדער] פֿון ישׂראל'.
דזוו אָדם מישׂראל ←, 43. ייִד, בן־ישׂראל.

▯ ▯

(כּדי אונטערשטרײַכן די חשיבֿות). „פֿאַר יעדן
א, מ, דאַרף דער מנהיג־הדור אויסגיין און
אונטערגיין, זיך מוסר־נפֿש זײַן, הייסט עס„, פּרץ,
חסידיש. דזוו א, ישׂראל ▯.

-

א'־מכאובות — [...־מאַכויוועס] דער.
<ישעיה, נג, 3. ,אַ מענטש מיט ווייטיקן,,
תּי. בעל־יסורים. שווער־געפּרוּווטער. ,,מע דאַרף
אים ניט נעמען פֿאַר אומגוט, ער איז נעבעך אָן

-

א'־מ',,. אויך: א'־מכאובים. ,,אַ מענטש וואָס
קאָן אײַנשטעלן זײַן לעבן פֿאַר נרדפֿים, אָ טובֿ
און אַ ▯טיב, און דערצו נאָך אַן א'־מ',,, חג,
טמז, 14 1958 XI.

א, מכובד — [... מעכובאָד(־בעד)] דער,
מצ. אַנשים מכובדים [... מעכובאָדים]. צבֿ.

.

<לויט אָבֿות, ד, 1. רעספּעקטירטער מאַן.
דער ווענמען מע גיט אָפּ כּבֿוד. אַן א, מ, אַ
בןטובֿים, אַ מיוחס. ,,,... דאַהער בּיטע איך מחילה
בל איש ואשה א▯ קטן, עס זײַן א, מ, אָדער
ניכט,... דאָס ער מיר מוחל זײַן זאָל,,,
ר, אַבֿרהם דאַנציג, ספֿר בּית אבֿרהס,
קעניגסבּערג תּרי,,ט. ,,איינער וואָס איז געזעסן לעבּן
רבּין, אַן א, מ'... האָט געפֿרעגט מענינא

דיומא", רי□ ,,ל, די הפֿקר וועלט, וואַרשע
תּרס,,ב. ,,דער יצר־הרע רעדט אײַן אים [דעם
תּלמיד־חכם] אַז בײַ השם־יתבּרך איז ער אַן
א, מ',,, נוצ, מ/א. ,,דערווײַל וועט זי זײַן דעם
א, מ'ס ווײַב, וועט האָבּן שיין צירונג", קמ,
21 1869' No. ,,הגבֿיר הנכבּד ר, יוסף איציקל...
האָט אַ גרויסע פֿאַבּריק און איז אַן א, מ,,,,
פּרץ, 'יוחנן מלמדס מעשׂהלעך,.

א'□ מלהמה — [...־מילכאָמע] דער, מצ□
אַנשי־.... >שמות, טו, 3. 'קריגסמאַן'.

איש משוגע

געניצט מיט בּבֿ: 1. ווער עס בּאַטייליקט זיך
אין אַ מלחמה. קריגספֿירער. זעלנער. 2. ווער
עס האָט ליבּ צו פֿירן קריגערײַען. ,,דער נײַער
גבּאי איז שוין איינמאָל אַ פֿויגל, דער
ריכטיקער א,־מ',,. ,,אַ ייִד איז פֿון כּסדר אָן אַן א'־
מ': שטענדיק שלאָגט ער זיך מיט דער דעה,,,
פֿוול. ,,האָט ער דערשמעקט מלחמה, האָט ער
זיך צוריקגעצויגן, ער איז ניט קיין א'־מ',,,
מוק, מײַנע בּאַגעגענישן 3 .I. מיטן ערשטיקן
בּ, ווי אַ בּאַצייכענונג פֿון גאָטס אַטריבּוט. ,,ער
[גאָט] איז אַן א'־מ', ער נידערט די הויכמוטיקע

און ער הייבט די נידערמוטיקע“, מע ה)ה
פליאות (מג, אחים), וואַרשע 1875. 4. בעל־כּוח,
גבֿר, גבּור, בּחור כּהלכה. “מע דאַרף זיך
ווידעראַמאָל רעכענען מיט דעם ייִדן ווי מיט אַן א'־
מ, — אַ מענטש וואָס קאָן דערלאַנגען אַ גוטן
קלאַפּ צוריק“, פֿאָר 20 1967 II.
א, מן השוק — [... מין האַשוק] דער,
מצ: אַנשים.... <לויט בּבֿא קמא, קח/א.
אַ מענטש פֿון מאַרק'. דזוו אָדם מן השוק ←,
,
43. געניצט מיט בּבּ: 1. סתּם אַ מענטש,
עמעצער, פֿלוני־אַלמוני. 2. עם־האָרץ,
פּראָסטאַק. „איצט דאַרף ער ווידער זײַן דעם מנהלס
מליץ־יושר און שוין ניט אַנטקעגן בּני־תּורה
נאָר קעגן אַן א, מן ה',„ חג, צמח אַטלאַס.
א, מפּי איש — [... מיפּי...] פֿראַזע.
תּח. <לויט ירמיה, לו, 4; סנהדרין, נז/ב.
'איינער פֿון צווייטנס מויל‚. פֿון מויל צו מויל.
(אין דער טראַדיציע) בּעל־פּה. איבּערגעבּן די
ידיעה א, מ, א'. „די פּוילישע שענקאָרעס האָ ן
בּקבּלה א, מ, א': ווען מע גראָבּט אײַן אין אַ
שענק אַ פֿערדישע פּאָדקעווע אונטער דער
שוועל — יאַווען זיך שיכּורים פֿון אָלע זײַטן,„

מ. דלןגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע 1881.
,,כ'האָב דאָס בקבלה א, מ, א',,, פּרץ, 'שׂרה
בּת טובֿים,. ,,אין גאָר אַ קורצער צײַט איז מען
געוואוירע געוואָרן א, מ, א,,,, שע, אין שטורם.
א, מצורע — [... מעצוירָאָ] דער, מצ:
אַנשים מצורעים [אַנאָשים מעצויראָיִם]. תּח.
<לויט ויקרא, יג, 44; יד, 2.   ,אַ מאַן אַ
מצורע,, תּי. בּכלל אַ קרעציקער. ,,,... ווען
דער דאָרף־פּויער איז אַן א, מ, און איז
געקליידט אין פֿאַרריסענע קליידער און
אײַנגעריכטע...,,, א. ׄאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו
תּקצ,,ח.
א, מצליה — [... מאַצליִאַר] דער, מצ:
אַנשים מצליחים [אַנאָשים מאַצליכים]. >
בּראשית, לט, 2. 'אַ בּאַגליקטער מענטש,, תּי. ווער
עס האָט הצלחה. בּר־מזל, מוצלח. ,,אַ גרויסער
בּריה, אַ קלוגער און אַן א, מ',,, א. פּאַוויר,
גדולת יוסף, ווילנע תּרנ,,ד. ,,השם יתבּרך פֿלעגט
אים אָפּגעבן כּפֿל־כּפֿלים, ער איז געוואָרן אַן
א, מ,,,, יב״ץ בּערך, רבּי קאַשמאַן דער נעלס,
ווילנע תּרנ,,ו. ,,דער קעניג ווייסט וואויל דאָס
דער מישנה איז... אַ גרויסער א, מ',,, מעׄה
פּליאות (מג, אחים), וואַרשע 1875.
א, משוגע — [... מעשוגע] דער, מצ:

אַנשים משוגעים [... מעשוגאָאים]. >ירמיה, כט, 26. משוגענער, חסר־דעהניק, מטורף.

איש משהית

,,דו וועסט דעם מאַן וואָס וועט דיר דאָס זאָגן
אין געזיכט שפּײַען, דו וועסט געוויס זאָגן,
דער איז אַן א, מ',,, א. פּאַוויר, גדולת יוסף,
יוזעפֿאָוו תּקצ"ח.
א, משהית — [... מאַשכיס] דער, מצ:
אַנשים משחיתים [... מאַשכיסים]. >משלי,
כח, 24. ,אַ מענטש — אַן אומבּרענגער,.
געניצט ווי אַן אויסדרוק פֿאַרן נחש קדמוני וואָס
האָט געבּראַכט זינד אויף דער וועלט. ,,דער
איך וואָס עסט אָן אַ בּרכה פֿאַרמײַדט ער די
בּרכות פֿון דער וועלט, דערום איז ער אַ חבֿר
צו דעם א, מ,,,, נוצ□ יב/ב. אויך מיטן בּ.
פֿאַר.
דאָרבּענער, צעשטערערישער. ,,איזט מלך
גיווארדין... איזט איין רעכטיר רשע גוועזין...
און א, מ',,, ר, זלמן הענא איבּז, צמח דוד,
פֿ□דמ 1698.
א, משׂבּיל — [... מאַסקיל] דער, מצ:
אַנשים משׂכּילים [... מאַסקילים]. >לויט משלי,

י, 19. 'פֿאַרשטענדיקער מאַן'. געניצט מיט
בבֿ: 1. בעל־שׂכל, בר־דעת. אַ תּלמיד־חכם און
אַן א, מ'. ,,... האָב איך געבעטן אַן א, מ'...
ער זאָל מיט ר, מרדכי... צוזאַמען פֿאָרן אַל
השׂר,,, ר, יום־טו□ ליפּמאַן העלער, מגילת
איבֿה, לובלין 1895. 2. אָנהענגער פֿון דער
השׂכּלה־באַוועגונג, געבילדעטער,
אויפֿגעקלערטער פֿאַר עטלעכע וואָכן איז דורכגעפֿאָרן
□ .
דורך אונדזער שטעטל אַן א, מ', באַקאַנט דורך
זײַנע אַרטיקלען אין המליץ און אין קול מבֿ□Iר“,
קמ, 41 1870, No.
א, נאמן — [... נעעמאָן] דער, מצ: אַנשים
נאמנים [... נעעמאָנים]. <לויט במדבר, יב,
17. ,באַגלייבטער מאַן'. דזוו איש־אמונים,
איש מהימן. לאָיאַלער, איבערגעגעבענער,
פֿאַרלאָזלעכער. ,,מער וויל איך מיך סומך זײַן אויף
אַן א, נ,,,, א. פּאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו
תּקצ,,ח, יט/ב. ,,יעדער איינציקער ייִד דערציילט
אַ גוטן ברודער אַן א, נ אַז...,,, סמבֿ.
,

-

א, נבֿון והכם — [... נאָוון ווייכאָכעם] דער, מצ: אַנשים נבֿונים וחכמים [... נעוואוינים וואַכאַכאָמים]. פּפֿ: א, הכם ונבֿון. <בראשית, מא, 33, 39. 'אַ פֿאַרשטענדיקער און קלוגער מאַן', תּי. דזוו איש חכם, אָבער עמפֿאַטישער, מער אַרויסגעהויבן. „אַדוני המלך זאָל אויסדערוויילן אַן א, ח, ו', ער זאָל אײַנזאַמלען די תּבֿואה אין די גוטע יאָרן“, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תקצ״ח, יג/א. „הײַנט זע איך דאָס דו איין גרויסער א, נ, ו, ביסט„, מע▯)ה פּליאות (מג, אַחיס), וואַרשע 1875.

- ▯

א, נכזה — [... ניווזע] דער, מצ: אַנשים נבֿזים [... ניווזים]. <לויט ישעיה, נג 3; תּהלים, טז, 4. נבֿזהדיקער, אָפּשטויסנדיקער, עקלדיקער. “עס איז מבֿזה זײַן פֿרוי דער וואָס איז אַליין אַן א, נ“, ציט ש. אבֿן־תּיבון, מ.

אונגער, טמז, 7 1)19 XI.

-

א, נדיבֿ — [... נאָדיוו] דער, מצ: אַנשים נדיבֿים [... נעדיווים]. <לויט משלי, יז, 7. אַדלמאַן'. געניצט מיטן בֿ: נדבֿן, בֿעל־צדקה, ,

1341

דער וואָס גיט מיט אַ בֿרייטער האַנט. „אין דער היים איז ער געווען אַמאָל אַ סוחר, אַ מנהיגהעיר אַן א, נ'“, קמ, 22 1870, No.

א, נכבֿד — [... ניכבֿאָד] דער, מצ: אַנשים נכבֿדים [... ניכבֿאָדים]. <שמואל א, ט, 6. אָנגעזעענער מאַן. חשובֿער, וואָס מע האָט פֿאַר אים דרך־ארץ. „איז ער שוין טאַקע אַ רעכטער מיוחס און שפּילט שוין די ראָלע פֿון אַן א, נ'„, דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881. “ער האָט פֿאַר דירה־געלט אָרויסגעוואָרפֿן פֿון שול די ספֿרים, נו! ישׂראליק, איז ער ניט געווען

אַן א, נ'?,,, א. מאָרגענשטערן, עגל הזה, ,
וואַרשע 1898.
א'־סוד — [...־סאָד] דער, מצ: אַנשי־....
תּח. צבֿ. 1. דער וואָס קאָן האַלטן אַ סוד.
,,עס איז אַ פֿאַרטרוילעכע זאַך, אָבער דיר מעג
איך עס דערציילן, ווײַל דו ביסט אַן א'־ס'".
2. סודותדיקער מענטש, אַ מענטש אַ רעטעניש.
,,גיי ווייס וואָס עס טוט זיך בײַ דעם א'־ס,,,.
3. אינטימער חבֿר, בוזעמפֿרײַנד, פֿאַר ועמען
מע רעדט זיך אַראָפּ פֿון האַרץ. ווערן אַן א'־ס,
פֿון עמעצן. 4. שפּאַסיק. געהיים אַגענט. ,,היט
-
זיך פֿאַר יענעם חבֿרה־מאַן, ער איז אַן א'־ס'".
אי'שע, אישע, — די, ־ס. ← אישקע.
אָפּזאַץ, אויסקאָך, געדיכטער איבערבלײַב נאָכן

אויסקאָכן. הושטשע. ,,דו האָסט פֿאַר זיך
גענומען פֿרישע און גוטע קאַווע און פֿאַר מיר
האָסטו איבערגעלאָזט אַ ביסל א,,,, א. פֿאָדים.
איש על מהנהו ואיש על דגלו — [... אַל
מאַכנייהו... דיגלוי] זאַץ. תּח. <במדבר, א,
52. ,איטלעכער אין זײַן לאַגער און איטלעכער

בײַ זײַן פּאָן', תּי. [ערשטער טייל: וחנו בּני ישׂראל — און די קינדער פון ישׂראל זאָלן לאַגערן.] בּאַצייכנט אַ צושטאַנד פון אָרדענונג, ווען יעדערער פירט דורך זײַן פונקציע, ווען עפּעס ווערט געטאָן לויט אַ סדר, סיסטעם. „בּײַם שיעור גמרא זײַנען די בּעלי־בּתּים געזעסן א, ע, מ'..., יעדערער לויט זײַן מעמד“.

-

א, עני ואביון — [... אָני וועוויען] דער, מצ: אַנשים עניים ואבֿיונים. <תּהליס, קט, 16. אָן אָרעמאַן אַן אבֿיון. ← אבֿיון, 19־20.

א'־פּלא — [...־פּעלע] דער, מצ: אַנשי־פלא [אַנשיי־...]. 1. דזוו איש־מופת, בּ1. „ער איז געווען אַן א'־פּ', אַן אמתדיקער ערלעכער ייִד, אַ מדקדק בּמצוות„, טמז, 22 1966 III. 2. אַ מענטש — אַ וואונדער, כּולו רזין דרזין, פול מיט סודות.

א, פּרטי — [... פּראָטי] דער, מצ: אַנשים פּרטים. <לויט ויקרא רבּה, כח, ו. פּריוואַטער מענטש. יחיד, אינדיוויד, איינצלנער. „איז דאָס ניט געווען אַ גאולה פאַר אַן א, פּ', נאָר אויך פאַר אַלע מחבּבֿי תורתנו“, לדבֿ נ„י תשי„ז.

א'־צדיק — [...־צאַדיק] דער, מצ: אַנשים צדיקים [אַנאָשים צאַדיקים]. <בּראשית, ו, 9. גערעכטער מאַן. אויך א'־צ, וישר.

א'־ציד — [... ־צאַייִד] דער. <בּראשית, כח, 27. געיעג־מענטש, אַ מענטש געניט אין געיעג. „דער א'־צ', דער מענטש, וואָס

איש״ר

האָט זיך פֿאַרנומען בלויז מיט אַגד...,,, ז.

י

וועגדראָוו איבּז, ל. בּ. כאַוּקינאַ, ווי אַזוי מענטשן האָבּן זיך אויסגעלערנט בּויען וואוינונגען, מאָסקווע 1919. „עשׂו איז אָבּער געווען אַן א'־צ,, אַ חיות־יעגער״, הלל זײַדמאן, טמז, .1X▯I 19▯7

-

א, צר ואויבּ — [... צאַר ווייאָיעוו] דער. מצ נבּ. <אסתּר, ז, 6. 'אַ מאַן אַ צורר און אַ פֿײַנד', תּי. אַן א, צ, ו,. אַ פֿאַרבּיסענער שׂונא־ישׂראל.

א, קדוש — [... קאָדעש] דער, מצ:
אַנשים קדושים [אַנאָשים קדוישים]. <מלכים בּ, ד, 9. הייליקער מאַן. גרויסער צדיק. „(ואנשי קודש תּהיון לי) דען וועלכר קי□ן זרע ל□טלה מוציא איז דער היישׂט א, ק׳“, קה, פֿיורדא 1743. „סטײַטש, אויף וועמען רעדט איר?... ער איז אַן א, ק׳, אַ בּעל־שם!“, ייִפֿאָל, 1885, No 34. “ער האָט צוגערעדט די גרטע, אַז ר, עמרם איז אַן א, ק׳“, טמז, 5 1965 XI. א, ק, והסיד — “אַזו דשׂ אים דיא לײַט פֿאַר איין א, ק, ו, גהאַלטן האבּן“, שאַר, קב/ב.

א, ק, ונורא — [... ווענויראָ] דער. <לויט תּהלים, קיא, 9. הייליקער און פֿאָרכטיקער מאַן. „יעדער[ער] האָט געוואוסט אַז ער [דער בּעשט] איז אַן איש־מופֿת גדול און מע האָט [אים] געהאַלטן פֿאַר אַן א, ק, ו“, קח, י/א.

א׳־קריות — [... ־קאַריעס (איסקאַריאָ׳ט)]. [יהודה] דער מאַן פֿון קריות. [איינער פֿון די צוועלף תּלמידים פֿון ישו הנוצרי, וואָס לויט דער עוואַנגעליע האָט ער פֿאַר 30 זילבּערשטיק פֿאַרראַטן זײַן רבּין, נאָבדעם חרטה געהאַט און זיך גענומען דאָס לעבּן.] פֿון די קריסטלעכע לשונות האָט מען איבּערגענומען אין

ליטרש דעם בּ: בּוֹגד, פֿאַררעטער, מלשין.
„א'־ק, שלײַכט זיך דורך דער נאַכט, ער האָט מײַן אורחס בּלוט פֿאַרקויפֿט“, הר, מײַן ליכטיקע נסיעה.

אישפּאַנקע — די. בּא. 'שפּאַנישע קראַנקייט'. שאַרפֿע גריפּע וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ אייראָפּע קורץ נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה.

אישקע — די, ־ס.: □ ,□ □ < ka□us□ :□ <

a□]m□[. פּר, אוקר. דזוו יושקע, געדיכטע יויך פֿישיויך. אויך: געגליווערטע יויך פֿון

פֿיש. אויך: יעדער מין פֿאַרגליווערטער מאבל. “איז מען אַוועק עסן א'ס און געזאַלצענע פֿיש“, מ. אָשעראָוויטש, שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע.

איש“ר — [אישאַר] ר“ת פֿון: אָמן יהא שמיה רבּאָ (←). “טייל עמי־הארצים זאָגן נאָר [דעם קדיש] בּיז 'ואמרו אָמן', דערנאָך הייבּן זיי אָן 'יתבּרך ויתקדש, און קיין אָמן יהא שמיה רבּאָ זאָגן זיי ניט, נאָר ער [מע] □Iוז יאָ זאָגן, וואָרעם דער עיקר קדיש איז דער איש“ר“, קה, ווילנע תּרל“ה, קלז/א. “אין אַלע צײַטן ווען ייִדן...

ענטפֿערן איש״ר... הקב״ה, כּבֿיכול, איז מקבל נחת״, סשי I, יד.

-

איש־ריבֿ ואיש—מדון

-

איש־ריבֿ ואיש־מדון — [... ריוו וועאישמאָדוין] דער, מצ: אַנשי־ר, ו(אַנשי־)מ'. געווײנלעך: א'־ר, ומדון. אויך: איש־ריבֿ. <ירמיה טו, 10. 'אַ מענטש פֿון קריג און אַ מענטש פֿון שטרײַט', תּי. דזוו איש מדון (←), נאָר עמפֿאַטישער. „און אויבֿ [ער] איז אויך ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער געוואָרן מערערע מאָל אַן א'־ר, ומ„ האָט קיין סיבּות ניט געפֿעלט דערפֿאַר״, י. באָטאָשאַנסקי, צוק, סעפּ, 1958. „האָבן מיר... דעם א'־ר, ומ'... וואָס איז צו שטאָלץ זיך מודה צו זײַן, אַז ער וויל אַליין ווערן ר „, ימ, גק, No 60.

א, ריק — [... רייק] דער, מצ: אַנשים

ריקים [אַנאָשים רייקים]. <לויט שופֿטים, ט, 4; שמואל בּ, ו, 20. געניצט מיט בּבֿ: 1. פּוסטער, נאַרישער מענטש, פּוסטע כּלי. פֿראָסטאַק, גאָרנישט. 2. ליידיקגייער, פּוסט־און־פּאַסניק. „דעם גבֿירס בּן־יחידל איז אויסגעוואַקסן אַן א, ר', אַ לאָבּוס“.

א'־שלום — [...־שאָלעם] דער, מצ: אַנשי־... [אַנשיי־...]. <תּהלים, לז, 37. מאַן פֿון שלום וואָס מײַדט אויס קריגערײַען. „ער איז אַן א'־ש„ נאָר ער מישט זיך אין פֿאַרשידענע ענינים, און מענטשן קריגן זיך מיט אים„ מ. אונגער, טמז, 1964 X l8.

א, שפֿל — [... שאָפֿל] דער, מצ: אַנשים שפֿלים [אַנאָשים שפֿיילים (שפֿאָלים)]. 1. ווער עס האַלט זיך זייער קליין, נידעריק. “זיי ווייסן גאָרניט וואָס פֿאַר אַן א, ש, איך בּין„.
2. אומווערדיק. „איך וויל ניט האָבּן צו טאָן מיט אַזאַ נפֿש, אַן א, ש'„.

א'־שׂדה — [...־סאָדע] דער, מצ: אַנשישׂדה. <בּראשית, כה, 27. 'פֿעלד־מענטש„ דאָרפֿסמאַן, ערדאַרבּעטער. “ער האָט פֿאַרלאָזט די שטאָט, זיך בּאַזעצט אין דאָרף און געוואָרן אַן א'־שׂ'“.

א'־שׂי□ה — [...־סייוואָ] דער. מצ נבּ.

>דבָריס, לבָ, 25. 'גרייזגרויער מאַן'.
אַלטיטשקער. "ער איז אין טיפֿן עלטער, אַ זקן מופֿלג, אַן א'־ש'".

א'־תהפּוכות — [...־טאַ(ה)אַפּוכעס] דער, מצ: אַנשי־תּהפּוכות. תּח. <משלי, טז, 28. אַ מענטש פֿון פֿאַרקערטקייטן', תּי. געניצט
,
מיט בּבּ: 1. ווער עס בּײַט זײַנע מיינונגען, ניט־געזעצטער. „דער א,־ת, מאַכט אַן קריגערײַען, הײַנט זאָגט ער אַזוי און מאַרגן — עפּעס אַנדערש". 2. צו־להכעיסניק, איפּכא־מסתבָראניק, אַ משה קאַפּויער, וואָס האָט ליבּ צו זאָגן פֿונקט להיפּוך. „אַן א'־ת', דאָס הייסט אַ פֿאַרקערטער מענטש, ווי דו בּיסט האָבּ איך אין מײַן לעבּן ניט געזען", א פּאוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תקצ"ח. 3. סמאל, שׂטן. „אַז זיי [די פֿאַלשע חידושי־תּורה] גייען אויף דער לופֿט פֿון דער וועלט, גייט תּיכּף זיי אַנטקעגן דער ס"ם, דאָס ער ווערט גערופֿן א'־ת, און לשון־שקר", קה ווילנע תּרל"ה, ח/א.

א, תהת גפֿנו (ותהת תאנתו) — [... טאַכאַס גאַפֿנוי ווייטאַכאַס טיינאָסוי] זאַץ. תּח. <מלכים א, ה, 5; מיכה, ד, 4. 'איטלעכער ▯איז) אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן

פַּיגנבוים', תּי. [אין מיכה, סוף פּסוק: ,ואין מחריד, — און קיינער וועט ניט אָפּשרעקן.]
באַצייכנט אַ מצבֿ פֿון זיכערקייט, געמיטלעכקייט, שלום און וואוילשטאַנד. ,,איך האָבּ דאָך שוין אין קאָפּ אַ גאַנץ גרויסע שטיק וועלט געהאַט — גאַנץ ארץ־ישׂראל... דאָס אַמאָליקע, דאָס 'מיט מילך און האָניק־פֿליסנדיקע'... מיט א, תּ, ג, ו, תּ',,, פּרץ, זכרונות. ,,גייט אַהיים און זיַט זיך משׂמח... בּמהרה בּימינו וועלן מיר זיַן אין ארץ־ ישׂראל... א, ת, ג, ו, תּ''', בּאַש, דער ע)טן אין גאָרטן. פֿרגל: זיצן ווי בּיַים טאַטן אין וויַנגאָרטן.

א, תס — [... טאַם] דער, מצ: אַנשים תּמים [אַנאָשים טאַמים]. <בּראשית, כה, 27.
1. ערלעכער. גלייבּיקער, בּאַשיידענער, שטילער (און רעכטפֿאַרטיקער). ,,אויך פֿאַרזיכערן זיי זיך אין דעם זכות פֿון יעקבֿ וואָס ער ווערט אָנגערופֿן א, ת',,, מלרה, לג/בּ. ,,גאָט, געדענק די שבֿועה פֿון יעקבֿ אָבֿינו וואָס ער איז געווען אַן א, ת''', הרבֿ הנובֿר, שערי ציון, זשיטאָמיר תּרנ''ו. 2. נאַאיווער, ניט־

איבערגעשפּיצטער [אָבער דאָך ניט דזוו תּם, ד״ה ניט
סתּם אַ נאַרישער]. אַן א, תּ, וואָס ווייס קיין
חכמות ניט. „וואָס טראַכט דער א, תּ, מיט די
ליטווישע האָלצהענדלער?“, ייִל, פּריטשעפּע I,
אַדעס 1876.

א, ת, וישר — [... ווײ־יאָשאָר]. >איובֿ,
א, 8. „איזט גיוועזין איין א, תּ, ו,“, איבּז,
ר, זלמן הענא, צמח דוד, פּיורדא תּנ״ח. „אַלע
אין שטאָט האָבּן געוואוסט ווי פֿרום און ווי
ערלעך ער איז, אַן אמתער א, ת, ו׳“, פֿאָר,
1959 ▯י 20.

א, ת, ושלס — [... ווײשאָלעם] דער, מצ:
אַנשים תּמים ושלמים [... אושליימים]. >צבֿ
פֿון בּראשית, כה, 27 + לויט בּראשית, לג, 18;
לד, 21. 'אַ שטילער און גאַנצער מאַן,. אַן
איש תּם מיט אַלע מעלות. „ער [דער כּוס של
בּרכה] דאַרף זײַן גאַנץ פֿול. אַזוי מוז דער
מענטש אויך זײַן פֿול מיט דער תּורה און
גאַנץ אַזוי ווי יעקבֿ איז געווען א, תּ, ו׳„, נוצ,
רמג/א.

א, תמיס — [... טאָמים] דער, מצ: אַנשים
תּמימים [... טמימים]. >בּראשית, ו, 9. '
ערלעכער מאַן'. דזוו איש תּם, נאָר מער
אַרויסגעהויבּן די פֿרומקייט. ״דער א, ת, ווייסט

גאָרניט פֿון אַזעלכע זינדיקע גלוסטונגען". "דער א, תּ', דער יושבֿ־אוהל אין פּאָליטישן זין",
י ראַפּאפּאָרט אַש, 1 19 21 XI.

,

א, תקי — [... טאַקיף (טאַקעף)] דער, מצ: אַנשים תּקיפֿים [... טאַקיפֿים]. <בּבא מציעא, סד/א [איניש תקיפֿא]. שטרענגער, בעל־תּקיפֿות. „דעם קאָצקער רבּינס ברודער... איז געווען אַן א, ת, און אַ שאַרפֿער קאָפּ", מ.
אונגער, טמז 17 7 19 XI.
איתּימא — [איטיימע] זוו. תּח. <בּרכות לא/ב אא 'טייל זאָגן', אַנדערע זאָגן, [תּלמודישער
,
אויסדרוק ווען ס'איז אַ ספֿק ווער איז דער אַמוראָ וואָס האָט געזאָגט די מימרא]. "אָמר עילא ואיתּימא ר, יוסי בּר־חנינא; אָמר אַבּיי

א(י)תערותא דלעילא

ואיתּימא רמי בּר־חמי ואיתּימא ר, יוחנן„, יומא, כו/ב. [די חכמים האָבן תּמיד מקפּיד געווען מקיים צו זײַן דעם "כּל האומר דבֿר בּשם אומרו מבֿיא גאולה לעולם".] "געשריבּן האָט

עס אחד־העם, א, נחמן סירקין“.
אית דין ואית דיינא — [איס... ווייאיס
דאַיאָנאָ] זאַץ. תּח. <ויקרא רבּה, ל, ג. '
פֿאַראַן אַ דין און פֿאַראַן אַ דיין,. היפּוך פֿון: לית
דין ולית דיין. דזוו די וועלט איז ניט ה□קר.
איתכסייא קודם לאיתגלייא ——— [
איסקאַסיע קוידעם לייאיסגאַליע] זאַץ. תּח 'פֿאַרהוילן
איידער עס האָט זיך אַנטפּלעקט'. “זײַן ווײַבּ...
האָט געמאַכט אַ סעודה מיט קרעפּלעך... דאָס
פֿלייש איז באַהאַלטן אין טייג, בבּחינת א, ק,
ל', ס'הייסט פֿאַרדעקט פֿאַרן אַרויסקומען“, א.
רובּינשטיין איבּז, ש. י. עגנון, טמז, 7 1968 II.
איתן הכיר אמונתך — [אייסאָן היקיר
עמונאָסעכאָ] זאַץ. תּח. 'דער שטאַרקער [אַבֿרהם
אָבֿינו] האָט דערקענט דײַן אמונה, [ערשטע
ווערטער פֿון אַ פּיוט וואָס מע זאָגט יום־כּיפּור
צו מנחה; אויסגעסדרט לויטן אַלף־בּית. מחבּר
ר, אליהו בּן מרדכי, 11. י“ה]. “איתן [= עסן]
איז די בּעסטע תּפֿילה“, יע, דאַוונען, וואַרשע
תּרע“ח, ז, 84. אויך: ,,א, ה, — עסן (איז דער
עיקר“.
איתני־עולם — [אייסאָניי־אוילאָם] די. בּמ. תח.
<ראָש השנה, יא/א. 'מאַכטיקע פֿון דער
וועלט'. געניצט מיטן ב: גײַסטיקע ריזן. [אַ

כּבֿוד־באַצייכענונג פֿאַר די אָבֿות: אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ, וואָס לויט דער גמרא — זײַנען זיי געבוירן געוואָרן אין חודש — איתנים, ד״ה אין תּשרי.] „איך בּין אויך געבּוירן געוואָרן אין חודש תּשרי פּונקט ווי די א־ע'„. „פֿאַראַן אויך אין אונדזער דור א־ע, און מע קען צונויפֿרופֿן אַ סנהדרין״.

א(ִ)תערותא דלעילא — [איסאַרוסע דילאיילאָ] די. <זוהר, נח, יא, 31; אור החיים, שמות, יט, 3. 'אויפֿוועקונג (אויפֿרודער) פֿון אויבן'. (קבלה) געניצט מיטן בּ: התעוררות בּײַם רבּונו־של־עולם (אַרויסצוּווײַזן חסד). קומט פֿון: א(י)תערותא דלתתא — [...
דילטאַטאָ] 'אויפֿוועק (אויפֿרודער) פֿון אונטן'. ווען מען איז מקיים די מצוות און מע טוט מעשׂים טובֿים. ״דורך א, דלתתא ווערט א, דלעילא צו דערוועקן די אַהבֿה און דעם חסד פֿון גאָט״, תּניא, קפֿז. „מאַכט ער אַ גרויסע איבּערקערעניש פֿון אונטן: א, דלתתא... אַדורכגעפֿלויגן אַלע זיבן הימלען ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן. בּרעכט שוין אויס אויך אויבן דער גערודער גיך — א, דלעילא! וואונדערלעך!״, אַל III, רבּ לוי יצחק באַרדיטשעווער'. ״זײַן תּפֿילה וואָס איז אַן א, דלתּתא פֿירט צו אַן א, דלעילא...

און דאַמאָלסט פּועלט ער אויס בײַם הימל פֿאַר
זײַנע חסידים בּני, חיי, מזוני (קינדער, לעבן,
פּרנסה)“, דר, צבֿי כּהן פֿאָר, 1965 II □י 16. „כּדי
,
צו געווינען טרייסט פֿון רבּונו־של־עולם, דאַרפֿן
מיר זיך אַליין טרייסטן אין דער בּחינה פֿון
א, דלתּתא — דער אויפֿוועק פֿון מענטשן
בּרענגט א, דלעילא — דעם אויפֿוועק פֿון

איתרע מזלו

אויבן„, דר, הלל זײַדמאַן, טמז, 29 □ 1966 II.
„דאַרפֿסטו וויסן דאָס איז אַלץ על ידי א,
דלתּתא, הײַנו: עסק־תּ□רה והמצוות. דאָס איז
די כּלי פֿון אין־סוף בּרוך הוא“, קמ, 1866,
.No □4
איתרע מזלו — [איסרע מאַזאָלוי] זאַץ. תּח.
>חגיגה, ה/א. 'ס'איז צעבּראָכן זײַן מזל'.
געניצט מיטן בּ: די הצלחה האָט זיך אַ וואַקל
געטאָן, צעטרייסלט, דאָס דאָבּרע מזל האָט זיך
אָפּגעטאָן. “זינט דער יורד האָט פֿאַרלאָזן
מדינת־ישׂראל — א, מ„ צו וואָס ער זאָל זיך
ניט נעמען — גייט ניט“. „די ווײַב איז אים

געשטאָרבן און א, מ, — אַלץ גייט בײַ אים
באַרג אַראָפּ“.
-

א״כ — ר„ת פֿון: אינו כך, אינו כן, אלא כך, אם כן, אם כך.

אַכדיש — [אַקאַדיש] דאָס & אַדי. אַלט־סעמיטישע שפּראַך פֿון מעסאָפּאָטאַמיע, אָנגערופֿן אויפֿן נאָמען פֿון דער שטאָט אַכּד („... או□ דער אָנהייב פֿון זײַן קיניגרײַך איז געווען בבֿל, און אַרך, און אַכּד„, תּי, בראשית, י, 10). אין די גלאַנץ־צײַטן פֿון אַשור און בבֿל איז אַ, געוואָרן און במשך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער פֿאַרבליבן די שפּראַך פֿון דער דיפּלאָמאַטיע און צווישנפֿעלקערלעכער פֿאַרשטענדיקונג. וו אַ
י
שריפֿטשפּראַך איז אַ, געוואָרן אויפֿגעהיט ביז קנאַפּ פֿאַר אָצ.

אכה״ג — ר„ת פֿון: אַנשי כנסת הגדולה ←.

אַכין ורקין מיעוטים — [אַקין ווייראַקין מיאוטים] זאַץ תּח. <רשי, פסחים, ח/א; רשי, ראָש השנה, יז/ב. 'אָבערס און נאָרן זײַנען ממעט, פֿאַרשמעלערן די ראַם פֿון געזעץ.

,

[תּלמודישער מעטאָד לויט וועלכן די ווערטער
 אַך, און ,רק, אין דער תּורה ווערן
אינטערפּרע,
טירט צו פֿאַרמינערן דעם כּלל. דוגמאָות:
א) "אַך בּעשׂור לחודש השבֿיעי"... (ויקרא,
כג, 27), ,,אָבֿער אין צענטן טאָג פֿון דעם
דאָזיקן חודש איז דער טאָג פֿון פֿאַרגעבֿונג,,, —
לערנען די חכמים פֿון וואָרט 'אַך, אַז יום־כּיפּור
איז מכפּר נאָר די וואָס טוען תּשובֿה. רשי,
שבֿועות, יג/א; בּ) ,,אַך את שבּתותי תּשמרו,,
(שמות לא, 13) — פֿון דעם 'אַך, לערנט מען
אָפּ, אַז מע טאָר ניט בּויען דעם בּית־המקדש
אום שבּת; ג) ,,כּל איש אַשר ימרה את פּיך...
יומת" (יהושע, א, 18), ,,איטלעכער וואָס וועט
ווידערשפּעניקן דײַן מויל... זאָל געטייט
ווערן,,, ,,רק חזק ואמץ,, — דרינגען דערפֿון די
חז"ל אַז אויבֿ אַ יידישער מלך הייסט עובֿר זײַן
אויף די רייד פֿון דער תּורה — ווען ס'קומט
אויף אַ פֿראַגע פֿון געוויסן — זאָל מען ניט
אויספֿאָלגן זײַן בּאַפֿעל (רשי, סנהדרין, מט/א).]
א קאָנסטיטוציע מיט אַ, ו, פֿרײַהייט מיט אַ, ו'.
—
"זיי העלפֿן איינער דעם אַנדערן — מיט אַ, ו,
מ,,,.

אַכּ״יר — [אַקיר] ר״ת פֿון: אָמן, כּן יהי רצון (.).

אַכּלל, אַ כּלל — ← הכּלל [די פֿאָרעם וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט]. „אַכּלל גימפּל דראָנג

1343

איז אַ העלד, ער האָט איין פּנים ווי צו אַ חופּה אַזוי צו אַ לוויה„, ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887.

אַכּל־שכן

מכּל־שכּן. אַפּשיטא, אַוודאי. [אָפּט — [אַקאָלשקן] קאָנ. <שבּת, סג/א

אאַ. פּ:

אין פֿרומע מעשׂה־ביכלעך.] „אַ־ש, דער רשע וואָס ער גראָבט זיך אונטער אין באַהעלטעניש און טוט גניבֿות, דאַרף ער אײַלן תּשובֿה און צדקה טאָן", מלרה כט/ב. „אַז איינער לערנט

פֿון גאָטס וועגן... גיט אים הקדוש־ברוך־הוא אַריכת־ימים לעולם הבא... אַ־ש, עושר וכּבֿוד

אויף דער וועלט„, נוצ, לח/ב. „אַ־ש, אַן
אומה... קאָן ווערן גרויס און געזונט נאָר אין
משך פֿון אַ לאַנגער צײַט“, ממוס, אין אַ
שטורס־ צ ־ט.

--
אַכתי עבֿד אַהשוורוש אַנן — [אַקאַטיי
ְ
אַוודי אַבאַשווייערעש אַנאַן] זאַץ. תּח. <מגילה,
ְ
יד/א.   'מיר זײַנען דאָך נאָך אַלץ קנעכט בײַ
אַחשוורושן,. באַצייכנט אַן איצטיקן שלעכטן
מצבֿ וואָס איז אין שאַרפֿן קאָנטראַסט צו אַ
גליקלעכער פֿאַרגאַנגענהייט. „די גמרא האָט
געפֿרעגט וואָסער טעם האָט די פֿרייד אין
פֿורים: אַ, ע אַ אַ,?“, הלל זײַדמאַן, טמז,
ְ ְ

29 7)19 XII.
אַך — אויסרופֿוואָרט. אין Mhd, דײַטשישע דד,
סל לשונות. [אָח־וויי, יחזקאל, ו, 11; כא, 21.]
כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק מיט אַלע בבֿ

פֿון אוי (□ 126).

צום בּ1: „אַך, אַך, טוט עס ווײ!„. „אַך, אין האַרץ הייבּן... זיך כוואַליעס... מאַמע איך וויין„, ממוס, פּריזיוו.

צום בּ2 □ „אַך מוטער, מוטער, מײַן טרײַע ליבּע מוטער, / דו האָסט מיר צוגעזאָגט צו דער חופּהלע צו בּענטשן“, פֿל. „אַך, איינע אַליין אין דער וועלט, ניט קיין קינד, ניט קיין רינד“.

צום בּ3: אַך, איך האָבּ פֿאַרגעסן! אַך, ווי אומעטיק עס איז! „אַך די יונגע יאָרן, ווי שנעל זײַנען פֿאַרלאָרן„, פֿל. „אַך, איך וויל און טאָר ניט זינגען, / וויינען, זיפֿצן מעג איך נאָר; / ווײַל איך בּין, מײַן קינד, אַן אָבֿל, / שוין כּמעט צוויי טויזנט יאָר„, פֿרוג, 'דער פֿרילינג'.

צום בּ4: „אַך, ווי ער האָט זיך עס געעלטערט אין די לעצטע יאָרן!„.

צום בּ□: „אַך, וואו נעמט מען פֿליגלען, וואָלט איך געפֿלויגן צו דיר“. „אַך! ווער קען מיר זאָגן אויבּ איך וועל אַמאָל, / ווידער פֿרײַ אומשוועבּן איבּער בּאַרג און טאָל“, דוד עדעלשטאַט. „עס וואַקסן אונטער שיינע מיידעלעך / שוין ניט פֿאַר אונדז... אַך גאָט! / אַ שאָד די אייגעלעך די קלאָרע, / די ליפּעלעך אַ שאָד„, סעג.

לירישע לידער.

צום בּ6: „אַך, וואָסער קאָשמאַר רופֿט אַרויס דער מרתּף־השואה אין מדינת־ישׂראל“.

צום בּ7: „אַך וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן האָבּן זיי, אוי זיי! זיי שמועסן זיך, זיי קושן זיך, זיי ליובּען זיך„, פֿל. „אַך, ווי צוויי אָוונטשטערן, העלע, גרויסע, ריינע שטערן“ [וועגן אויגן], פֿרוג I.

צום בּ8 ￼ „אַך, אַ ייִנגל אָ כוואַט“, „אַך, אַ

אָך

יונג מיט ביינער!“, „אַך, אַ חתן — אַ כּלי, אַ מושלם און אַ בּעל־תּנך!“.

צום בּ9: „אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל איז דאָך ניט שייך. אַך, וואו נעמט מען אַ בּיסעלע מזל?“.

צום בּ1O: „אַך, שוין איינמאָל אַ קעלט, אַ בּרענענדיקער פֿראָסט, עס סמאַליעט!“.

אַך — מייִ, אין אַלע ריידענישן וואו [וי] איז געוואָרן אַרויסגערעדט [אַ]. דזוו אויך (￼. 141).
„אַך לסוף דשׂ מינשׂט [= מינדסטע] דשׂ דו דיך אובּר לאַדן קאנשׂט...„, פּבּ, 1533 [ייִבּל XIII, 3־4]. „אַך ווען מן מקלל איז בּספֿר־תּורה אויף

אַנדרי גרושׂ עונשים...“, תּקק ‟איזט רפֿאל
הנ„ל אַך אַוועק גריטן אונ, זיא אַן גיטראָפֿן
אין איין וואַלט“, 'כּ‟י וועגן מעצער עלילת־דם',
1669 [פֿש III]. „אונ, דאַרום אַך איז דאשׂ דער
טעם דאשׂ מן אַן ערבֿ יום כּיפּור כּפּרות אום
שלאָגט“, ספֿר מע◌ה השס, 1696 [אווע III].
„אונ, טוא מורגן אַך תּשובֿה אובּ ער מעכט
איבּר מורגן שטערבּן„, מבּ מעשׂה ט. „זאָל עשׂ
מיר אַך אויז גין אַלישׂ עשׂ דען פֿרוימן מלך
איזט אויז גנגין“, גה, 279. „דער זיך דא נאָך
[= לויט דעם] פֿירט, דעם ווערט גיגעבֿן דיזי
וועלט אונ, אַך די איבּגי לעבּין„, לט1, הקדמה.
אָך — אויסרופֿוואָרט. דזוו אַך, נאָר אָפֿטער
סובּ. <פֿויל, אוק, וור. ספּעצ אויסצודריקן
ווייטיק. „אַך, אָך, איך קען מער ניט
אויסהאַלטן!„. אין פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿאַלן: אָך,
מיטן שענסטן כּבֿוד, מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן!
אָך פֿאַרוואָס ניט? אָך, אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט!

,

„אָך, אָך און עס ווילט זיך דאָך (נאָך)„; „מע
זאָגט ניט אָך אַז עס גיט ניט קיין שטאָך„;
„גאָט הערט דײַן אָך און וועט העלפֿן אין דײַן
בּראָך“; „דעם איז אָך ווער עס ליגט אין לאָך“;
„גוט איז אַפֿילו 'אָך', אַבּי וועדוואָך“ [= אין

צווייען, זאַלבּעצווייט], שוו.

אָך און אַך — „... יעדן טאָג ווערט געבּוירן... אַן אָך־ און אַך־דראַמע„, פּרץ, נעדאַנקען און אידייען.

אָך און וויי — פּרעדיקאַטיווע פּראַזע. אַז אָך א, וויי צו זײַן קאָפּ, צו זײַן לײַבּ און לעבּן. „אָך א, וויי איז צו מיר (דיר)„.. „טאַטע, דו לאַכסט? אַז אָך א, וויי (איז) צו דײַן געלעכטער“. „אָך א, וויי איז צו די יאָרן אַז פּוילן איז אַ מדינה, און פּאַרך איז אַ מענטש געוואָרן“ פּוול. „אַז דער מלמד קריגט זיך

מיר דער׳ מלמדקע איז אָך א, וויי (צו) די תּלמידים“, שוו. „אוך און וויא צו דיר, קינג הורדוס, ווי קענשׂטו אַזו בּקענן צו מײַן ריד אונ, דז דוא זיא פֿאָלגן ווילשׂט„, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, פֿז/בּ. „אַז אָך א, וויי איז דיר און אַלע ייִדן, וואָס איר קענט אַ טאָג ניט איבּערלעבּן אָן נסים„, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „אָך א, וויי איז דער מוטער וואָס קען ניט האַלטן בּײַ איר טיש איר קינד, (און) אָך א, וויי איז דעם קינד וואָס קומט אויסרײַסן דעם לעצטן בּיסן בּײַ דער אָרעמער מוטער“, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע שפּאָטיש אָך און

מאָך. „אָך און מאָך און עס וואַקסט נאָך“ פֿוול.

,

אָכאָ

ווײ און אָך — „עס איז אָבער דאַריבער ווײ א, אָך צו שרײַען בדור הזה“, ר, יצחק האמבורגער, איבז, פלא יועץ, ווילנע 1898. „ווײ א, אָך צו די רשעים, וואָס זײ טרעפֿט לויט דער טואונג פֿון די צדיקים„, איבז, שמשון דונסקי, קהלת רבה, ח, 14.   אָך — אָפֿגעטײלט פֿון ווײ. “ווועמען איז 'אָך, און ווועמען איז ,ווײ'“, מס, משלי תקע“ד, כג, 29 [למי אוי, למי אַבוי]. אויך סוב — “וואו נעמט מען וואָרט, די וועלט זאָל זיך פֿאַרשעמען? וואו נעמט מען וועלט פֿאַר אונדזער אָך־און־ווײ?“, סעג, איצטער. אויך אַדיעקטיוויש — “גײט ער אין שפֿאַן, נאָר פֿינצטער איז אים ז□יער, / ס'איז אָך און ווײ, וואָס ווײַטער — אָך־און־ווײער“, צײַט, גל I□□.

אָך־און־בראָך — „איז אָך־א'־ב, צו דיר, און איך, דער שׂטן, איך זאָג דיר אויס דעם סוד — און טו דײַן ווײטיק מערן“, צײַט, גל III.

אָכאָ — אויסרופֿוואָרט. o□o:□□>. שפּאַ.
דזוו היט זיך, קוקט זיך אַרום, גיט אַכטונג. "אָ', שטעלט זיך אָפּ!". בײַם אַריבערגיין די גאַס — אָ'!

אַכאַ'ט — דער, ־ן. דזוו אַגאַ'ט (← 25).

אָכאָטניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. פּפֿ: אַכאָטניק, אָכוואָטניק. ,□]□ו□o□o: □ □>

□n]□]□ד1 .□ :o□a. פֿרײַגיביקער. „געבן אַ קרופּנע נדבֿה אויף ישובֿ ארץ־ישׂראל וועלן זיך געפֿינען ווייניק אָ'עס", יי□אָל, 20 1882, No.

2. ליבהאָבער. בעלן אויף עפּעס. „אויף אַזאַ מויד האָבן זיך שוין געפֿונען אָ'עס". „... למשל, ווי עס גייט צו אין קלויז צו קינות וואו עס זײַנען עטלעכע אַ'עס עס צו זאָגן", אמד, עוזר צינקעס און דיא ציג ווילנע 1868.

3. פֿרײַוויליקער אין דער אַרמיי (געוויינלעך געקויפֿט, באַצאָלט צו פֿאַרבײַטן אַן אַנדערן, וו אַ מיטל אויסצומײַדן מיליטער־דינסט). „מײַן י

זיידע איז אַוועק ווי אַן אָ, כּדי זײַן מאַמע, מײַן עלטערבאָבע, און אירע קליינע קינדער זאָלן ניט שטאַרבן פֿון הונגער". „זײַן זון איז

געוועזן געזונט ווי מויער און צום אומגליק האָט
מען פֿון אים אַלע אָ'עס אָפּגעשלאָגן, אַלץ
מחמת דעם טעם, זײַן זונדל זאָל בעסער לאָזן
די שטעטל צו רו און גיין דינען", שמעון
וואַלצעגאָק, דיא געהיימע האַכצײַט, וואַרשע 1884.
פֿאַר מײַן משפּחה... האָב איך אַן אָ,
גע,, -

שטעלט. איך בין בדילי־דל געוואָרן", ילג, ◻ יחת
חולין, וואַרשע 1889. ,,אפֿשר איז גאָר אַ סבֿרא
מע זאָל קויפֿן אָ'עס? האָט אַ פֿרעג געטאָן
ר, בערעשל דער שוחט", י. ל. בינשטאָק, בײַא
ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896. "קיין
בעלהבית... קען ניט קויפֿן... ווי רופֿט איר
דאָס... קיין אַ, חוץ דיר", ווינטש III.
4. שפּאַסיק ווער עס זאָגט אָך — אָט.
פֿוילער וואָס לייגט אָפּ צו טאָן אַן אַרבעט.
פּיעשטשען זיך ווי אַן אָ'. "איך האָב קינדער הוילע
אָ'עס. וואָס מע בעט בײַ זיי — איז אָך, אָט,
שפּעטער".
5. יעגער, פּאָלעוואַניק. קויפֿן פֿוטערוואַרג

בײַם אָ'. 6. אויסשפּירער אין דער אַרמיי. אַ

ראָטע אָ'עס.

אָכאָטניש — אַדי   וואָס איז פֿון (ווי בײַ) אַן אָכאָטניק, בּ1. אָ'ע וואורשטלעך — טרוקענע און פֿעטע.

אָכאָטנע — אַדוו. פּפֿ ☜ אַכאָטנע. ←
אָכאָטניק. ווילִיק. מיט חשק. פֿרײַוויליק. טאָן עפּעס גאַנץ אָ'. "כ'וועל אַ, בּלײַבּן בּײַ אײַך איבּער יום־טובֿ".

אָכאָטע — די, ־ס. פּפֿ: אַכאָטע, אַכוואָטע.
.<□:o(□hO□a, □ □: o□oı□a□ ־□:a□oı□a
1. בּאַגער, חשק. בּעלנות. הנאָה בּײַם טאָן עפּעס. האָבּן אָ, צו מאַכן אַ שפּאַציר. לערנען מיט אָ'. אָנווערן די אַ'. „כ'האָבּ אָנגעהויבּן אַ ליבּע צו פֿירן מיט גרויס חשק און אָ'", פֿל. "מיר האָפֿן דורך אונדזער קול מבֿtםר וועלן מיר דעם עולם מער אָ, מאַכן...", קמ, 1864, No 47. „קריגט דער אַרבּעטער אָ, צום פֿאַרשטאַנד... (אָ גאָט בּאַהיט!)", י. בּאָווּשאָווער, פּאָעטישע ווערק, לאָנדאָן 1903.
2. געיעג. גײַן אויף אָ'. אַן אָ, אויף בּערן. "דער יעגער דערציילט מעשׂיות פֿון דער אָ.,,, ממוס, קליאַטשע. "נאָך דער סעודה קלײַבּט מען זיך כּנהוג אויף דער אָ',,, שע פֿונעם

יאַריד I פֿאָרנדיק מיט זײַנע פּרינציפּאַלן אין
. ,,
וואַלד שפּאַצירן אָדער אויף אָ', האָט ער זיך
גליקלעך געפֿילט‘‘, ח. ד. גילדענבלאַטט,
אַבֿרהמ'עלע בעל עגלה, ווילנע 1913.
אָכאָטען זיך — אוטוו ־טע זיך, זיך (גע)־
.
אָכאָטעט. סל. נר. גיין אויף געיעג. ,,ער איז
געוואוינט אָ, זיך אויף גרויסע געפֿערלעכע
טהירען‘‘, א. ברעסלער, איבז, ערצעהלונגען וועגען
ווילדע מענשען, וואַרשע 1898.
אָכאַיען זיך — ← אָטכאַיען (זיך), 862. ,,און
נאָך איידער מע האָט זיך אָכאַיעט פֿון בלוטיקן
לעצטן געראָט‘‘, פּײַן, דוד בלאַנק.
אָכאָלאָנען — טרוו. ־נע, אָכאָלאָנעט.: . . . .
.רוע1y][o.o.o. סל. אוקר. אָפּקילן. אָ, יויך.
אָ, די שלעגערס. אָכאָלאָנעטע פּרײַנדשאַפֿט.
אויך מיט ז י ך.
אָכאַל.ניק — [ווייכע ל] דער, ־עס. ווג ־ניצע,
־ס. דזוו נאַכאַלניק. גראָבער־יונג, חוצפּהניק.
ווער עס האָט פֿאַרשטאָכענע אויגן. גיין זוכן
יושר בײַ דעם אָ'. ־ניטשען — אוטוו. זיך
אויפֿפֿירן גראָב, חוצפּהדיק. ‘‘ער האָט גענומען

אָ', האָב איך אים געהייסן זיך אָפּטראָגן".
אַ'כאַלע וועסאַ'כאַלע — ← אַהלאַן
אוסאַ'הלאַן, ז, 56.

אַכאַפּיק — דער, ־פּקעס. □[aחa□a:□ ־ <.
פּפֿ: אָכאַפּקע. סכום וואָס מע קען
אַרײַננעמען צווישן ביידע אויסגעשטרעקטע אָרעמס
און טראָגן. דאָס וויפֿל מע קען אַרומכאַפּן. אַן
אַ, שטרוי, היי. „ער איז געשלאָפֿן אויף אַן אַ,
טרוקענעם גראָז„, ג פֿרידמאַן, איבז, וו. ק.

אַר□
סעניעוו, דערמי אוזאַלאַ, מינסק 1935.
אַכאָר אָ'ן — דער, ־ען. <איי <גר.)
באָטאַי
ניק) פֿאַוואוס־שוואָם. גיפֿטיקער שוואָם. "
גלײַכצײַטיק פֿאַרמערן זיך די פֿאַלן פֿון...

שענדעראָכוואַט

פֿילץ [= שוואָם]־קראַנקייט וואו דאָס
אויסהאָדעווען באַווײַזט די אָנוועזנהייט פֿון אַ',,, 'טאַז,,
שריפֿטן, וואַרשע 1929.
אַכאַשטראָנאָ'ם — דער, ־ען. שפּאָטוואָרט.
פּאַראָדירט אַסטראָנאָם. קאָנטאַמינאַציע:
אַחשתּרנים (אסתּר, ח, 10)+אַסטראָנאָם. „די וועלט

זאָגט אַז איר... זענט עפּעס מקורבֿ מיט די
שטערנזעער אָדער אַ'ען“, קמ, 20 1870, No.
אַכבּ(ע)ראָש — דער, ־ן (־ים, ־עס). וונ ־טע,
־ס. פּפֿ: עכבּרוש, עכבּר־ראָש. אויך אַ'־
ניק, אַ'ניצע. >עכבּר = מויז ▯־.ראָש,
פֿאַרטײַטשונג פֿון ▯][mau▯e־ko. (טענדלאַו, 296,
האַלט אַז עס איז אַך־בּראָש). דאָס וואָרט
דערמאָנט שוין אין 1714, אין ספֿר אורי וישעי,
בּערלין.
1. גנבֿ [לויט אַסאָציאַציע מיט „לאַו עכבּרא
גנבֿ אלא חורא גנבֿ“, גיטין, מה/א. ניט
די מויז, נאָר די לאָך איז אַ גנבֿ]. לויט
יע איז דאָס וואָרט אויפֿגעקומען אין
פֿאַרשטעלטן לשון צו פֿאַרבּײַטן גנבֿ, וואָס אויך
ניט־ייִדן האָבּן פֿאַרשטאַנען. „אַ גנבֿ הייסט
[= רופֿט] דעם אַנדערן אַ'“, ▯וענדלאַו, 579.
„[ס'איז ניט אמת] דאָס מנעורי ועד עתּה עם
גנבֿים ועם עכפֿרושים צו האַלטן“, אגרת שלמה
„גיי דו, אַ', דו גנבֿ, דו וועסט מוזן אָפּגעבּן
דאָס שטערנטיכל“, נסים ונפֿלאות, אָרט? יאָר?
2. (געניצט גוטמוטיק) כיטרער. ווער עס
טוט אָפּ שמד־שטיק. ווילדער יונג. אַ ייִנגל אַן
אַ'. “אַרויס פֿונדאַנען, איר אַ'ים!„. „האָסטו,

נאָטל, אָפּגענומען אַלץ... בײַם געשמדטן
האַלדז? און וואָס האָט ער מיטן קובן געטאָן,
דער אַ', דער באַנדיט?‟, מאַקמאַן. „דו, אַ,
איינער, דעם גאַנצן סידור צעריסן‟.
3. שווינדלער. זשוליק. מזיק. מחבל. מופקר.
‟וואָס שיקסטו מיך צום אַ'? איך וועל מיט דעם
הולטײַ אַפֿילו ניט רעדן‟, קמ, 3 1868, No. „וואָס
י
פֿאַר אַ מצוות דער כּל־בוניק, דער אַ, האָט
געקאָנט טאָן אַז ער ווייסט אַפֿילו ניט זײַן ייִדישן
נאָמען‟, צ. ה. האָרנשטיין, זלידניעפֿקער
לעבענדע פֿאָטאָגראַפֿי, באַרדיטשעוו תּרנ„א.
אַך־בראָש — ווש מיט עכברוש. ‟ער איז
אַן אַך־ב', ער רוקט זיך תּמיד אויבנאָן‟ פֿון
—
.
אָבֿל וחפֿוי־ראָש, געוואָרן אָבֿל
וואַכפּע,
ראָש — איר וועגן אַן אָבֿל וואָס פֿרייט זיך
מיט דער ירושה.
אַכ(ה)ע'רינדע — די, ־ס. מיִ. (זאָאָל')
פֿקפֿ פֿון האָלענדיש: eekhoorn. וועווערקע.
▯ ב פֿאַרטײַטשט: 'הכּח, (ויקרא, יא, 30) —
‟אַכהערינדי‟ [תּי: ‟לאַנדקראָקאָדיל‟.
געוויינלעכער טײַטש פֿון כּח — כאַמעלעאָן].

אָכוואַט — דער. מצ נבֿ. סל פּפֿ: אַכוואַט.
(וועגן פֿערד) קראַנקייט ווען דער בויך ווערט אויפֿגעבלאָזן פֿון צו פֿיל עסן האָבער. "די סימנים פֿון אָ'... ווען אַ פֿערד האָט די זײַטן אויסגעבויגן, און אינגאַנצן וועט ער זײַן אַזוי ווי אָנגעבלאָזן... די פֿיס ציטערן אין די קניִען, דער קאָפּ איז אײַנגעבויגן", איבֿז, המאסף ווילנע, יאָר?

אַכוואָטניק

אַכוואָטניק — דזוו אָכאָטניק, וורר.
אַכוואָטע — דזוו אָכאָטע. וורר.
אָכוואַטשעט — אַדי. □[ai□ □ן□o: □ □<.
סל. אוקר פֿאַרשטיקט. אַרומגענומען (ווי מיט -
רייפֿן). אומבאַוועגלעך. אַן אָ'ע ברוסט. ,,איך קען מער ניט גיין, מײַנע פֿיס זענען אָ',,, רייד (נעמעראָוו).
אָכוואַטשען זיך — אוטוו ־טשע זיך, זיך
.
אָכוואַטשעט. סל. פּפֿ: אַכוואַטשען זיך.
(וועגן פֿערד) ווערן קראַנק אויף אָכוואַט.
אכ□ל בצל ושבֿ בצל — [עכויל באָצייל

ווערשייוו באַצייל] זאַץ. תּח. <פּסחים, קיד/א.
וויש: בּצל = ציבּעלע, בּצל = אין שאָטן. עס אַ
ציבּל און רו אין שאָטן. געניצט שפּאַסיק מיטן
בּ ▯ זײַ זיך מסתפּק בּמועט. זוך ניט קיין גליקן
אין דער פֿרעמד. „האָסט חיונה — א, בּ'...
און לאָז זיך ניט אין מרחקים“.
אָכול ושתו (ושתה) — [אָכו'יל ווערשאָסוי▯]
פֿראַזע. תּח. <ישעיה, כב, 13. 'עסן און
טרינקען, [גאַנצער זאַץ: „א, ו, כּי מחר נמו▯,
— 'ווײַל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבּן', תּי].
געניצט מיטן בּ: מען איז הפֿקרדיק, זאָרגלאָז; מע
יאָגט זיך בּלויז נאָך פֿיזישע פֿאַרגעניגנס. „צי
וועלן [די עולים] בּרענגען מיט זיך פֿיאָנערישן
גײַסט אָדער וועלן זיי אויך פֿאַרכאַפּט ווערן
פֿון אָ, ו'־שטראָם?„, דוד פֿלינקער, טמז,
.I▯I 19▯5 8
אָכול קורצא זיין — [אָכויל קורצע...] צזוו.
-
זן. תּח. <דניאל, ו, 25; גיטין, נו/א. ,עסן
אַן אומגליק־בּיסן'. (אין אַ פֿאַרשטעלטן לשון)
מסרן פֿאַרמסרן, מאַכן אַ בּלבּול. „איינער פֿון

דער חבֿרותא איז געווען אַ מסור און ער האָט
דאָס בשתיקה אָ, ק, געווען צו דער פּאָליציי
וועגן דער געהיימער דרוקעריַי",,, א. רעכטמאן.
אַכו'נט — דער, ־ן. אויך: אַכו'ן. <איי
<אראַביש מוסולמענישער גײַסטלעכער, וואָס
פֿירט אויך אויס פֿונקציעס פֿון אַ שופֿט. ,,
וויבאַלד אַ ייִד ווערטלט זיך עפּעס מיט אַ פּערסער,
שלעפּט מען אים בײַם אַלד צום אַ, (שופֿט)...
באַשטראָפֿט מען דעם ייִדן, ער זאָל צאָלן אַ גרויסן
קנס", קמ, 31 1865, No.
אַך ורק — [... ווערא'ק] קאָנ. <לויס במדבר,
יבֿ, 2: "הרק אַך במשה דבר ה'". דזוו נאָר,
בלויז, אָבער; נאָר און בלויז (עמפֿאַטיש,
אַקצענטירט). ,,ער גיט קיינעם ניט איבער קיין
איינע פֿון זײַנע אַרבעטן, אַ, ו, ער אַליין, ער
אַליין,,.. ,,דער רעזולטאַט איז אָפּהענגיק אַ, ו,
פֿון אונדז גופֿא,,.. ,,נון, איך האָב דען שדכין
משיב געווזין, איך שלאָג השידוך ניט אויז אַ,
ו, עש אין בידענק נעמין", גה, 216. ,,עז איז
קיין שענדליכר מידה... אַלז די אונדאַנ‌ ברקייט
איין בן אדם פֿון איינם איין טובֿ האָט מקבל
גיוועזן... אַ, ו, ער ביצאלט דעם וואוילטעטר

מיט בֿיזן“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718.
אַכזר — [אַכזער] דער, ־ים [אַכזאָרים]. וונ ־טע, ־ס. <דבֿרים, לבֿ, 33 אא. [בֿטלנישער אויסטײַטש: אַך+זר = נאָר אַ פֿרעמדער]. ווער עס פֿאַרשאַפֿט פּײַן, לײַדן, ווייטיקן. אַבסאָלוט

1345

אומבֿרחמנותדיקער. שלעכטהאַרציקער. רשע מיט אַ שטיינערן האַרץ. גרויזאַמער מענטש.
tבֿ, יב/ב פֿאַרטײַטשט: אַ, — „אום דער בֿרמגר„.. „אַ'ים זײַנען זיי און האָבֿן קיין רחמנות ניט„, תּי, ירמיה, ו, 23. “אַן אַ, איז ווי א וואָראָנע“ פֿוול [= ווי אַ ראָבֿ וואָס רײַסט
-
,
שטיקער פֿון רויבֿ], אויך: ווי אַ שפּאַרבֿער. „ווי איז דאָס אַ ייִד אַזאַ אַ, און לאָזט זיך אַזוי לאַנג בֿעטן?„.. „ווער דאָ איין אַ, איז איבֿר ארמי לײַט דער קומט [= ווערט מגולגל] אין אייני ראָבֿ„, עפּש, דרך הישר לעולס הבֿא, פֿפֿדמ תּמ“ה? „ווען ער האָט אים צוויי אודר דרײַ מאָל מיט לײַט מחילה געבֿעטן און ער וויל ניט מוחל זײַן, איז ער אַ חוטא און הייסט אַן אַ'“, איבֿז, ספֿר חסידים, ווילנע 1819. “אַ צורר אַן

א, פֿאַראומערט דאָס לעבן פֿאַרשוועכט דעם
— -
,
כּבֿוד... מאַכט אַ תּל פֿון דעם מענטשנס
נשמה“, ממוס 'בּישיבֿה של מעלה'. „אַ מענטש
איז נאָר דעמאָלט אַן אַ„ ווען עס איז בּיטער
אויפֿן האַרצן“, פּרץ. „גאָט, צי וועסטו אַזאַ
א, זײַן און מײַן געבּעט סאַרשעמען?“, יהואָש,

דאָס פֿאַרלאָשענע ליכט,. „קומט צו דיר אָן,
עפּעס לײַען / פֿאַר זײַן הויזגעזינד אויף בּרויט /
זײַ זשע, מלווה, ניט קיין אָ', / שינד פֿון אים
ניט אָפּ די הויט“, אַר, 'צום מלווה'.

געניצט אויך מעטאַפֿאָריש פֿאַר: תּאווה,
לײַדנשאַפֿט. „זאָלסט נישט אַוועקגעבן אַנדערע דײַן
פֿײַנע־בּריהקייט, דײַנע יאָרן צו אַן אַ'“, מס,
משלי תּקע“ד, ה, 9.

־דיק — אַדי. „אָט דאָס איז טאַקע אמתער
אַ'ער מיטלאַלטער און דערמאָנט אונדז אין
אַלע שענדלעכקייטן פֿון דער אינקוויזיציע„„

ל[], טמז, 6 3 19(XI.
וונ זן אויך: אַכזריה [אַכזאָריע?]. "ווי אַזוי
האָט זי אין אמת דעמאָלט געקאָנט זײַן אַזאַ אַ,,,,
משה ווײַנבערג, די חרטה, באַרדיטשעוו 1898.
אַ'עווקע — שפּאַסיקער נאָמען פּאַר אַ
שטאָט, אַ שטעטל. ,,.... איז געבוירן געוואָרן
אין דער שטאָט וואַרוואָריווקע, בײַם טײַך וואָר.
אויף לשון־קודש הייסט זי אַ',,, משה ווײַנבערג,
ייִפּאָל, 28 86 ,No.
־יש — אַדי. 1. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש
סאַר אַן אַכזר. 2. וואָס רופֿט אַרויס גרויל. ,,ער
-

האָט זיך געסטאַרעט אײַנצוהאַלטן בײַ זיך אין
זכּרון דעם נאָמען פֿון דעם אַ'ן ספֿר,,, מ.
ריבֿקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914.
אָכזריות — [אַכזאָריעס] די (דאָס), ־ן. <משלי,
כז, 4. [נאָר איין מאָל אין תּנך], דבֿרים רבּה,
יא, 1 אאַ. אייגנשאַפֿט פֿון אַכזר. ברוטאַלקייט.
אומבּרחמנותדיקע רשעות. גרויזאַמקייט.
אַרויסווײַזן אַ'. אָפּטאָן אַן אַ'. פּײַניקן מיט אַ'. ,,
רחמנות איז אַמאָל אַ'", שוו [פֿרגל קהלת רבּה, ז,
לג]. ,,דאָס רחמנות פֿון הולטײַעס גופֿא איז אַ'",
מס, משלי תּקע,,ד, יב, 10. ,,זעלכע אַ, וואָס עס

איז נישט מעגלעך צום דערציילן,,, שאַר, לעמבערג, יאָר? ,,געזאָגט... אויף דעם קיסר...: איבער זײַן אַ, און איבער זײַן גסות בין איך אַהער געקומען,,, נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'. ,,די צרות און די אַ, וואָס אַ זעלנער האָט באַדאַרפֿט אויסשטיין אין זײַנע 25 יאָר דינסט,,,

אַכטאָ'ג

יק. ,,אויב מיר איז פֿרעמד די אַנטציקונג פֿון זיגער... טאָ פֿרעמד איז מיר אויך די אַ, פֿון קריגער, וואָס האָט אויף פֿאַרבלוטיקטע שווערדן געלעבט,,, אַל, 'יידיש'.

־דיק — אַדי. אַ'ע שטראָף. אַ'ע פֿירונג. די אַ'ע וועלט. אַ'ע עקספּלואַטאַציע. ,,ניט שוין זשע האָט [זי] אַזאַ אַ'ע האַרץ אַז... [וואָס] איר מאַן לעבט איבער אַרט זי ניט?,,, חג, טמז, 4 1966 II. ,,דער פֿרעמדער סוד... האָט זיך אַזו אַ אַרײַנגעשניטן אין איר אייגן לעבן,,,

׳ ,

רחל קאָרן, ערד.

־דיקייט — די (דאָס), ־ן. ,,די אומיושרדיקייט און ד אַ, פֿון דעם וואָס מע רופֿט מיטן

י

רעטענישפֿולן וואָרט — טויט", ימ, ניַס, 1923.
אַכט —צוו. די & דער, ־ן. Mhd: aht. 1.
באַצייכנט 8. יסוד־צאָל וואָס קומט צווישן זיבן
און ניַן. די אַ, חנוכּה־ליכטלעך. די אַ, טעג פּסח.
„אַ, גוטע ברידער זיַנען מיר געווען, האָבן מיר
געהאַנדלט מיט ריבן, איינער איז פֿון אונדז
געשטאָרבן, זיַנען מיר געבליבן זיבן„, פֿל.
„שמונה איז אַ', אַ, איז שמונה, אַ טויב הייסט
יונה..." פֿל. „זיבן איז אַ ליגן, אַ, איז ניט

,

קיין אמת", שוו. „אַכט און אַכציק איז אַ
יִדישע קללה" [„וויַל מע זאָגט געוויינלעך 'אַכט
און אַכציק שוואַרצע יאָר'", אי. בערנשטיין.
פֿאַרוואָס 88? אפֿשר איבער פּח: 'ימטר על
רשעים פּחים אַש וגפֿרית, (תּהלים יא, 6),
אָדער איבער 'בפּחי נפֿש, (ראָש־השנה, כג/ב)].
„וואול אַ, אודר ניַן יאַר דז מיר מיט רוא ניט
האבן גישלופֿן„, ווינץ, מו. „שטעל איַין אַ
חלק אויף זיבן, אויף אַ„„ מס, קהלת תּקע„ט,
יא, 2. "האבן אונזרי חכמים גיצילט אַכט אונ
פֿירציג מדות פֿר דעם תּלמיד חכם, די גיפֿינד
מן אין פּרקי אָבֿות", לט1, קנד/א.
2. דזוו אַכטל. אַ קאָרט מיט אַכט צייכנדלעך.

אַ, צלם, אַ, הערץ. ,,גיי אַרויס מיט אַ, טרומף“.
אַ'־איַילנדיק. אַ אַרשיניק. אַ'־בּענדיק. אַ'־
דורות'־

דיק. אַ'־אַרטיק, אַ'־מיניק. אַ'־וואָכנדיק קינד.
אַכט — די. מצ נבּ. ￼ Mhd: ah. אין
צונויפֿגעזעצטע ווערבּן און אויסדרוקן: אַכטגעבּן,
אַכטלייגן, אַכטנעמען; געבּן אַ,, לייגן אַ', האַלטן
אין אַ,, נעמען אין אַ', נעמען זיך אין אַ'. ,,
נעמענדיק אין אַ, אַז...,,, ,,אַלץ אין אַ, גענומען
און קיין זאַך ניט בּאַנומען“. ,,גיבּ אַ, בּיַים
אַריבּערגיין די גאַס,,.
אַכטאָ — דזוו אַכט, צוו פֿטמ, פּר. בּיַים ניצן
,
דאָס וואָרט זעלבּשטענדיק, ווי אַן ענטפֿער.
אַכטאָ'ג — דער, ־ן. דזוו וואָך. ,,שוין אַוועק
אַן אַ, זינט ער איז אַוועקגעפֿאָרן,,. ,,מיט אַן אַ,
פֿריִער האָבּן זיי אויפֿגעקויפֿט...“, אמד, די
אידעשע קליידער, ווילנע 1870. ,,איין קינדבּעטרן
זאָל נאָך אַ, איר בּעט זויבּערן לאָזן מיט
לײַליכר אונ העמד פֿר ענדרן,,, עפּש, דרך הישר
לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק מ'. ,,... מוז
זי נאָך אַ, וואַרטן אין האַמבּורג, בּיז אַ שיף
וועט גיין אַהין,,, ייִפֿאָל 2 1885, No. “מיַין זון

איז הײַנט אַ אַרויס פֿון שטוב... צו
דעררא,
טעווען די שטוב,,, יוסף סמאָלאַזש, 'בײַם
אָפֿענעם קבֿר'. ־יק — אַדי. אַן אַ'ער גאַסט.

אַכטבאַר

אַכטבאָר — אדד. דטשמ נר. חשובֿ. וואָס
מע דאַרף (ס'איז ווערט) צו אַכטן. ,,וואהל
גיעהרט, אַכטבאַרי כלה", י. מאַרשן, לשון זהבֿ,
אמשט תּצ"ד. ,,די גוטע פֿרײַנד פֿון דעם
באַרימטן, אַ'ן חזן האָבן אים געבעטן ער זאָל
זיך לאָזן ליטאָגראַפֿירן זײַן בילד", קמ, 1866,
No 24, מודעות. ,,אַ דעפּוטאַציע פון ד אַ'סטע
,
און געבילדעטסטע מיטגלידער...", ייִפּאָל,
2 1885 I. —הייט — די. ,,דיאווירדיקייט פֿון...
זײַנער אַ'הייט", צאינה, קפּב/ג. ־קייט —
ארכ. באר התּורה פֿאַרטײַטשט ,גדלך, (דברים, ג,
24): "דײַן אַ'קייט". "צו דר צילן זײַן הוככייט
און אַ'", חה, אַמשט 1716, ט/ב. "אַך האשׂטו
,
מיר גוויזן דײַן אַ', דאז איז דײַן גוטי מדה",

מהמ, אַמשט 1722, רכד/א.

אַכ(ט)בּאַרן — טרוו גרריס מאַכן, חשובֿ מאַכן (האַלטן). מע) פֿאַרטײַטשט 'ואגדלה שמך, (בּראשית, יבֿ, 2): "און, איך וועל אַ'...,, [תּי. "גרייסן"]. "דא דער צילט המן... דשׂ איס דער קעניג האָט גיאַכבּאַרט", צאינה, קפּו/ב.

אַכטגאָרנדיק — אַדי. וואָס האָט אַכט גאָרנס. אַן אַ'ער בּנין. בּנוגע אַ זידלוואָרט ← אַכטקאַנטיק. אויך: אַכטעטאַזשיק.

אַכטגעבּונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַכטגעבּן. אַבּסערווירונג. אַבּסערוואַציע. שאַרפֿע, אָפּגעהיטענע, צופֿעליקע אא אַ'. קומען צום אויס􀀀יר אויפֿן סמך פֿון פֿינקטלעכע אַ'ען. ,,לויט מײַנע אַ'ען קומט אויס אַז...". "דאָס פֿריוואונג און אַ, אויף די חכמה וואָס ווערט געזען אין די בּאַשעפֿעניש פֿון דעם בּאַשעפֿער", חה, זשיטאָמיר 1848, 97. "... כאַפּט זיך אַרויס בּײַ אים אַ שאַרפֿע בּאַמערקונג, אַ גוטע אַ'. הערה: אָט דאָס וואָרט לייג איך פֿאָר

􀀀

אַנשטאָט ,,בּעאָבּאַכטונג" וואָס טויג פֿאַר אונדז ניט", מוו, שטאַפּלען, בּערלין 1923, ז, 89.

אַכטגעבּן — אוטוו. גיבּ אַכט, אַכטגעגעבּן.
← געבּן אַכט. 1. לייגן אַכט. אַכטונג געבּן. אָפּהיטן. האָבּן די השגחה איבּער עפּעס. אַ, ניט אַרײַנצופֿאַלן מיט אַן אומפּאַסיק וואָרט. אַ, אויף דער אויפֿפֿירונג פֿון די קינדער, זיי זאָלן ניט שטערן דעם אַלטן זיידן. „... איזט דאָס אַלער ערשטע אַכטצוגעבּן ווען מען דען בּריוו שרײַבּט, דאָס עס זאָלן... זײַן לויטער שיינע ווערטער", בּש שבֿט סופֿר, לעמבּערג, יאָר? "בּרויך יעדער פֿאָטער זייער שטאַרק אַ', נישט לאָזן די קינדער אין דעם [אַפּיקורסישן שרײַבּן] קוקן אַפֿילו", עקרי האמונה, סאַטמאַר 1942.
2. אָבּסערווירן. אַ, מיט וויסנשאַפֿטלעכע צילן. אַ, אויפֿן לעבּן פֿון בּינען. אַ, אויף די זונפֿלעקן אאַזוו. ־ער — וויסנשאַפֿטלעכע אַ'ס.
אַכט־געזעץ — דאָס. רײַם אין אַ'־ג'.
סטראָפֿע פֿון אַכט שורות, אָטאַוואַ רימאַ. מיט אַ גראַמען־סיסטעם אבּגאבּגדד. בּבֿא־בּוך איז לויטן אַ'־ג'.
אַכט־דראָטן — אַדי וואָס האָט (איז געמאַכט מיט) אַכט דראָטן. אַן אַ'־ד'ענע קרינעלינע. „די אַ'־ד'ענע דעליע... אין דײַן שוואַרצן פֿעלץ...", מסדר אגרת, תקפ"ה.

אַכט האָבּן — צגז אוטוו. דזוו אַכטגעבּן, בּ 1
לייגן אַכט. האָבּן אין זינען. מלל פֿאַרטײַטשט
'ראיך אליך ישגיחו, (ישעיה, יד, 16): „אַ,
האבּן“ [תּי: “בּאַטראַכטן“]. “ער זאָל רחמנות
האָבּן אויף איר איינציק קינד און זאָל אויף
אים אַ, ה'“, לעווקאָוויטש, דיא דרײַא חבריס,
לובּלין 1897.
אַכטהאַלבּן — צוו זיבּן און אַ האַלבּ.
בּאַצאָלן פֿאַר עפּעס אַ, טאָלער. שלאָפֿן אַ, שעה.
פֿאָרן אַ, מעת־לעת. „ער איז אַ בּעל־מלאָכה
א זאָקנמאַכער פֿאַרדינט שוין אַן אַ, רובּל

—
...
אַ וואָך“, י. ה זאָנענבּערג, די געפֿאַנגענע רוי—
בּערס..., לאָדז תּרפ“ז.
אַך טובֿ לישׂראל — [... טויוו לעיִסראָעל]
זאַץ. תּח. <תהליס, עג, 1. [דערפֿון — גוט
פֿאַר ייִדן.] 'פֿאַרוואָר, גאָט איז גוט צו ישׂראל',

תי. [סוף פֿון פּסוק: "אלוהים לברי לבֿב" — צו די וואָס האָבן אַ ריין האַרץ.] געניצט פּאָזיטיוו, אָבער ס'רובֿ איר, סקעפּטיש, מיט ווייטיק. „אַ, ט, ל, — ס'וועט אונדז אַמאָל ווערן גוט"; „אַ, ט, ל, — אס ירצה השם, אויף יענער וועלט"; "אַ, ט, ל, — אַזאַ יאָר אויף שׂונאיישׂראל"; „אַ, ט, ל, — ס'איז בּיטער ווי דער טויט„; „אַ, ט, ל, — ווי דערלעבֿט מען עס?"; „אַ, ט, ל, — אַשרי המאמין„.

אַ'כטווינקל — דער, ־ען. געאָמעטרישע פֿיגור מיט אַכט ווינקלען. אַכטעק. אָקטאַגאָן.

—דיק — אַדי.

אַ'כטווענטיק — אַדי וואָס האָט אַכט ווענטלעך. אַ'ע פּיראַמידע.

אַ'כטווערדיק — אַדי. וואָס איז כּדאַי (האָט אַ ווערט) צו לייגן אַכט אויף דעם. אַן אַ'ע דעקלאַראַציע.

אַכטונג — די, ־ען (זן). 1. זוו. געניצט ווי אַן אויסרוף מיט בּבֿ: היט זיך! לייג אַכט! הער! זע! "אַ', די בּאַן קומט אָן". „אַ', אַ', מע וועט בּאַלד שיסן!".

2. השגחה, אויפֿזיכט. אַ, ט אָ ן אויף עמעצן, אויף עפּעס. "וואָרום זאָלט איר, ישׂראל, זאָגן אַז איך האָב קיין אַ, אויף אײַך", צור,

הפֿטורת לך־לך. ״יודישא דינשׂט הלטן דיא חכמים בּחזקת כּשרות און, זײַן ניט נחשד, גלײַך וואַל שט עשׂ ניקשׂ דאז מן אַכטונג האָט דרויף״, בּראַנט, פּרק יח.

3. אוי מערקזאַמקייט. אַכטליגונג. אָפּט געניצט בּײַ גימנאַסטיק און בּײַם מאַרשירן. „זעלט ער מיט איינם (שׂר) רידן און, ער זעלט זײַן אַ, אויף וואז אַנדרש האבּן״, לט 1, ג/ב. ״כ'וואָלט ד אַכטונג פֿון מיליאָנען מוחל זײַן...״,

רהואָש, בּלומען און דערנער.

4. דרך־ארץ. אָפּגעהיטנקייט. בּאַציאונג פֿון כּבוד. געפֿיל פֿון אַ'. אַרויסווײַזן אַ, צו עמעצן.

בּאַטראַכטן, בּאַהאַנדלען מיט א'. אָנווערן יעדע אַ, צו זיך אַליין. ״שלמהלעס פֿאַרלירן אַלץ וואָס ווײַטער די אַ, זײַנע צו דער פֿירונג, צו דעם שטייגער לערנען אין ישיבֿה״, ממוס, שלמה. „האַט ער געוועקט אין אונדז... אַן אַ, צו זײַנע געזדנטע, נאַטירלעכע קרעפֿטן„, בּעם I. בלויז אַ, טוט זי וועקן״, האַל, מײַן אוצר

אַכטונג געבּן

אַכטונג געבּן — צגז אוטוו. 1. זען עס זאָל ניט געשען עפּעס וואָס איז ניט גוט. אויפּפּאַסן. פּאַרהיטן עמעצן אָדער עפּעס. אַ, ג, אויף די קינדערלעך. אַ, ג, אויף זיך, זיך וואַרעם אָנטאָן, עסן צו דער צײַט. ״אַז איינר לכּל הפּחו, אויף דיר אַ, געבּבט איז מײַן גרעשטי זאָרג״, פּראָגבּ, 55. „איך בּין ערשט אין קינד בּעט קומין כּדי זיא מיר... איין וויניק אַ, קאַן געבּין״, גה, 71. „ער גיבּט אַ, אויף אונז דז מיר ניט זאָלן גאַר פּר לאָרן ווערן אין גלות אונטר דען אומות העולם״, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פרק ז'. ״מײַנע בּני־בּית... האָבּן אויף מיר אַ, געגעבּן בּשעת איך בּין געווען קראַנק״, ממוס, ,צוריק אַהיים'.

2. לייגן אַכט אויף עפּעס אָדער עמעצן. האָבּן אין זינען. זײַן אויפּמערקזאַם. אַ, ג, אַז די קינדער זאָלן גיין ריין אָנגעטאָן. מש פּאַרטײַטשט 'וידע אלהים, (שמות, בּ, 25): „אונ, ער גאבּ אַ'״ [תּי. „און גאָט האָט געמערקט״]. „זאָל מן וואול אַ, ג, דאשׂ דיא טייג ניט ווייך זײַנן״ [בּײַם קנעטן טייג אויף מצות], עפּש,

סידור תּפילות, אַמשט תּק״ח, קמב/א. ,,דער מלמד מאָג אַ, ג, פֿונוואַנען די קינדער זאָלן אָנהייבן צו לערנען״, איבּז, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818. ,,זיי [די גבּאים פֿון שפּיטאָל] ... האָבּן גוט אַ, געגעבּן, עס זאָלן די קראַנקע גוט אָיוירט ווערן״, קמ, 26 1863, No. ״האָט אויף זיך גענומען אַ, צו געבּן דערוויַיל אויף די פֿערד״, ממוס פֿישקע.

,

3. אָפּהיטן ווי עס געהער צו זיַין אַ דין (געזעץ פֿאַראָרדענונג, תּקנות אע). אַ, ג, אויף

,

פּרטי־פּרטים פֿון אַ מצווה. אַ, ג, אויף כּשרות בּיַי זיך אין דער היים. ״ערליכי יהודים ווערן... אַ, ג, דאשׂ זיא מצות עסין דיא כּשר זיַין״, עפּש, דרך הישר פֿדמ תמ״ה?, לד/א.

, .

,,זאָל אוישׂ ליינין אַ י דינים ניט וויא איין מעשׂה, נאָר גוט אַ, צו געבּן ער זאָל ניט נכשל

ווערן בחילול־שבת“, ש ולחן ערוך, ח“א, זשאָלקעוו? אָנהייב 19. י,,ה? ,,גיט אַ, זייער און זייער אויף תּורה און עבֿודה... דאַווענען מיט כּוונה... וואָרט בײַ וואָרט“, תּניא, 324.

4. דזוו בּ3, נאָר בּנוגע אַ מענטשן. אַ, ג, אויף די קינדער זיי זאָלן פֿאָלגן. אַ, ג, אויפֿן שוחט, אַז דער חלף זאָל ניט האָבּן קיין פֿגימה. אַ, ג, אויף די אַרבּעטער זיי זאָלן קומען צו דער צײַט.

5. גוט בּאַטראַכטן, אָבּסערווירן. אַ, ג, או�ף נאַטור־דערשײַנונגען. אַ, ג, אויף די בּײַטענישן און די שטימונגען פֿון עולם. “האָט רבּי אַבּא אויף אים אַ, געגעבּן און זאָגט:... פֿון אים...

וועט אַרויסגיין אַן אור־תּורה“, נוצ, ז�יטאָמיר תרכ“ג, רעט/א. “האָבּ אַ, געגעבּן אויף אַלע אינטערעסער וואָס טוען זיך נאָר אונטער דער זון“, מט, קהלת תּקע“ט, א, 14.

6 פֿאַרוואַלטן. האָבּן די השגחה איבּער

.

(אויף) עפּעס, עמעצן. אַ, ג, אויף אַ פֿאַבּריק, אויף די פּועלים. “אַ, געגעבּן אויף דער

גרענעץ פֿון אוקרײַנע“, מע�)ה אומן. “אַ, ג, אויף איטלעכן, אויבּ ער האָט אַזוי פֿיל געלט ווי ער זאָגט,,, נחבּ, 'מעשׂה מבּעל־תּפֿילה,. ,,אַ, צר

געבן אויף די מלמדים... האָט די געמיינדע

אַכטונג האָבן

געהאַט דערויף אַ סופֿר דמתא, אַן אַרט
אינספּעקטאָר", ממוס, שלמה. „דער האָן אויפֿן
קוימענדל שטייט און גיט אַ," , אשט, מײַסעלעך
אַ'־געבער — דער, ־ס. ל2. אויפֿפּאַסער,
אָפּהיטער, אינספּעקטאָר. אַן אַ'־ג, אין
טאַמאָזשנע, צאָל. אַ'־ג, אויף די שולן פֿון דעם גאַנצן
קרײַז. "קיין משגיח, קיין אַ,־ג', קיין קאָדעקס
זײַנען אויף אַזעלכע זאַכן נישטאָ", ווײַס I ,
'ווי דער גורל פֿירט'. ־יש — אַדי. "אַ'־ג'ע
בינשטאָקן, ד„ה בינשטאָקן מיט אַ גלעזערן
ווענטל„, יאַכ I.
אַכטונג האָבן — צגז אוטוו. אַרכ. דזוו
אַכטונג געבן. "האב אַ, אויף מײַן קינדער דיא
צאַרטן", בבֿא־בוך, 469. "לײַט דיא האבן אַ,
אויף אירי ווײַבר דאז זיא ניט טאָר איין טריטן
גין אויש דעם הויז„, בראַנט, פּרק יד. „דיא
לײַט זענין גרושׂי בעל מו"מ [משׂא־ומתּן] אונ,
קענין זוא ניט אַ, על בני האבין„, גה, 211.
"ווען זיא פֿרעמדי לײַט האָט זיצן אַן טיש, דז
זיא זאָל זער אַ, האב דאז אירי קינדער זאָלן

זיצן בּתרבּות ובדרך ארץ,,, לט1, נה/ב. ,,אויף די שיך אַ, צו ה אַז ניט אומפֿלאָט דראָן זאָל
,
קלעבּן“, ספֿר עץ חיים, וואַרשע תּרי,,ב.
אַכטונגסווערט — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז ווערט מע זאָל לייגן אַכט אויף דעם. ,,'גדל, הייסט אַזוי גוט ווי כּבֿוד לייגן, גרויס האַלטן (מאַכן) עמעצן, אַ', אָנגעזען“, נש, ישפּ, 1928, 3(10).
אַכטזאַם — אַדי. דטשמ. נר. אָפּגעהיט, זאָרגעוודיק. אויפֿמערקזאַם -קייט. איד'-שפּ,
.
וקבּ, בּ“א 1931.
אַכטזייטיק — אַדי. וואָס האָט אַכט זײַטן.
-
אַ'ע פֿיגור.
אַכטזייליק — אַדי. וואָס האָט אַכט זײַלן.
-
אַ'ער בּנין.
אַכט-הדשימדיק — אַדי. וואָס איז אַלט אַכט חדשים. אַן אַ'-ח, קינד.
אַ'כט-הלק — [... -כיילעק] דער. מצ נבּ.
דזוו אָכטל, אַכטער טייל פֿון עפּעס. ,,מיר זײַנען

זאַלבעאַכט, דאַרף יעדערער קריגן נאָר אַן אַ'־
ח, פֿונעם פראָוו אַנט“.
׳

אַכט־הלקימדיק — [... ־כאַלאָקים...] אַדי.
וואָס באַשטייט פֿון (איז צעטיילט אין) אַכט
חלקים. אַן אַ'־ח'ע אויפֿגאַבע. אַ לאַנגער אַ'־
ח'ער ראָמאַן.
אַכטטאָגיק — אַדי. פֿפֿ: אַכטטעגיק. וואָס
איז אַלט (ציט זיך) אַכט טעג. אַן אַ, עופֿעלע.
אַן אַ'ער פּראָצעס. „און, זון אַכט טעגיג ער
זאָל ווערדן בשניטן“, טח, בראשית, יז, 12.
אַכט▯טאָגער — דער, ־ס. פֿפֿ. ־טעגער.

▯

זייגער וואָס מע דאַרף אים אויפֿציִען נאָר איין
מאָל במשך פֿון אַ וואָך. אַ היכער אַ, אין ווינקל
פֿון דער גרויסער שטוב. „געמאַכט פֿונעם
מעתלעת־זייגער אַן אַכטטעגער“, קמ, 12 1867, No.
אַכטאַקטיש — אדי. וואָס האָט (באַשטייט
פֿון) אַכט טאַקטן. אַן אַ, ניגונדל.

-

אַכטראַסיק — אַדי. וואָס האָט (באַשטייט
פֿון) אַכט טראַפֿן. אַ'ער פֿערז.

1347

אַכטIיאָריק — אַדי. פּפֿ. ־יעריק. וואָס
.
איז אַלט (ציט זיך) אַכט יאָר. אַן אַ, ייִנגעלע.
אַן אַ'ער פּראָצעס.
אַך טי — יבנה בית־המקדש — [...
ייִבּאָנע בּייס־האַמיקדאָש] פֿראַזע. אייפֿ ווש
אויפֿן וואולגאַרן רוסישן זידלוואָרט. ,,ס'איז דער
ייִדישער וועג נאָכצומאַכן אַ מיאוסע רוסישע
קללה“, ש. סײמאָן, טאָג, 27 XII 1957.
אַכטיק פֿטמ. אַנשטאָט אַכטונג. אין די

אויסדרוקן: גיבּ אַ'. נעם אַ'. [פֿאַרצייכנט בּײַ
ריידערס פֿון וואָ, פּאָד, בּעס, מג.]
אָכטיק — דער. מצ נבּ פֿטמ 1. דזוו ורייטיק
.
,,אוי, אַ ווייטיק און אַן אָ, מיר“. ,,אוי, אַן אָ,
האָט מיך געטראָפֿן,,, לאַט, מישקע [פֿאַרצייכנט

בײַ רײדערס פֿון מג, פאָד.] 2. איר און ניטפֿאַרגינעריש װעגן מזל. „ער האָט כלעבן אָ'"‏.
*ער האָט כולו אָ, = (װעגן אַ שׂונא) עס גײט אים דאָך גוט.
אַכטל — דאָס, ־עך פּקפֿ: אַכטעלע. 1. אַכ.
טער טײל פֿון װאָס עס זאָל ניט זײַן. אַן אַ, פֿון דעם קאָרב עפּל. אַן אַ, פֿון דער ירושה.
„אַ דראַכמע איז אַן אַ, פֿון אַן אונץ"‏, דבֿרי חכמים, לבֿובֿ? יאָר? „הט דאַך רבי חייא גיזאגט דז איטליכר תּלמיד חכם גיהער איין אַכט טייל פֿון איין אַכט טייל גאוה הבין,,, קה פּיורדא
,
1743, ס'־2.
2. ספּעצ. אַכטער טײל פֿון אַ לאָטערײַבילעט. קויפֿ[ן אַן אַ'. געװינען אויף אַן אַ'עלע.
"מע האַלט אַן אַ'עלע... און דער קאָלעקטאָר זעט זיך עפּעס ניט"‏, דער אמת, באָסטאָן 1895, No 8. „ער האָט אַן אַ, פֿאַרװאָס זשע זאָל

ער טאַקע ניט געװינען?,,, ש. ש גרינפֿעלד, דיא ארמע געבילדעטע, װילנע 1896.
3. באַשטימטע גרײס, מאָס װאָס איז אַן אַ,

פֿון אַ גרעסערער [וואָס דאַרף ניט דערמאָנט ווערן, ווײַל ס'איז קלאָר פֿאַרן הערער]. אַן אַ'־פֿאָרמאַט. אַן אַ, פּאַפּיר = אַן אַ, פֿון אַ בויגן. אַן אַ אָקעוויט— אַן אַ, פֿון אַ פֿעסל. „די מעד

,

-

שענק זאָלן געבן [שטײַערן] מכּל אַכטיל [פֿון אַ פֿאַס?] אַרבעה גדול,„ תּקק, „איין כּור איז אַזו פֿיל אַלשׂ איין פֿרנקפֿורטיר אַכטיל“ [רעדט זיך וועגן אַ מאָס פֿאַר מעל], אַלכּסנדר עטהויזן, בּית יס]ראָל ובית הבחירה, אובֿיבך [= אָפֿנבאַך], תּע“ט.

4. ספּעצ. קאָרט מיט אַכט צייכנס. אַן אַ, צלם.

5. (בלויז אין פּקפּ) קינד, געבוירן נאָך אַכט חדשים טראָגן (מיט אָנצוהערעניש אַז דאָס פֿאָרפֿאָלק האָבן געהאַט באַציאונגען נאָך פֿאַר דער חתונה). „אַ געזונט קינד און וועגט קיין עין־הרע זיבן פֿונט — און ס'איז אַן אַכטעלע“. אַכטלאָז — אַדי. דטשמ. נר. וואָס לייגט ניט קיין אַכט, ניט־אויפֿמערקזאַם. „איך בין געפֿאָרן

איבערן לעבן... נישט אַ', נישט אַנונגלאָז,,,
איבז ,פֿון אַ רעדע פֿון קאָנסטאַנטין בּרונער',
ייִבּל X.
אַ'כטלייגן — אוטוו. לייג אַכט, אַכטגעלייגט.
צונויפֿבינדונג פֿון: לייגן+אַכט. ,,ווערסט ניט אַ,
אויף דער אַרבעט, ווערסטו דאָ קיין טון זאַלץ ניט

אַכטן

אויפֿעסן“. ,,מע מוז באַזונדער שטאַרק אַ, אויף
דער ריינקייט פֿון דער הויט“ פֿגעז, פּאַריז
,
.No ,l949 9
אַכטלייטיק ער — סובֿ. דער וואָס געהערט
-
צו דער גרופּע פֿון אַכט לײַט וואָס פֿירן אָן
אַ חבֿרה בּעלי־מלאָכות. ‘‘איר ווילט אַלע גבּאים
זײַן, אַ'ע גערופֿן ווערן“, אמד, די שטאָט הרס,
ווילנע 1868. ,,וועלכער שנײַדער איז ניט אַן
אַ'ער... [אַ הערה] פֿאַרצײַטן וואַר די מאָדע
דאָס אין אַלע חבֿרות פֿלעגן צו זײַן לבֿד
גבּאים... אויך אַכט לײַט, דאָס הייסט די
אַסיפֿהלײַט. דיזע אַכט לײַט וואַרן אַבער מער אַלס
אַכט, עס וואַרן זייערע צוואַנציק, דרײַסיק...

אַזוי איז נאָך עד־היום בּ אַ חבֿרה פֿון חייטים“,
י
אמד, דער שאַץ מײַסטער, ווילנע 1887.
אַכט ליכטלעך — געניצט אַנשטאָט די
חנוכּהטעג. ,,מיר האָבן בּאַלד די אַ, ל,, וועט מען
לערנען די מסכתּא קנאָרטן,,.. ,,די קעפּ קלערן
ווי אויסצוניצן די קורצע צײַט פֿון ד אַ, ל',,,
י

בּעמ י.
אַכטל־נאָטע — די, ־ס.

אַכטלען — טרוו. ־טל, געאַכטלט. טיילן אין
אַכט טיילן. “אָט די גרויסע צאָל קען מען דאָך
אַ,, זי האָט בּײַם סוף דרײַ נולן“. “אַ
קלעצעלע צוקער האָט מען געאַכטלט און איין אַכטל
פֿלעגט מען געבן צו אַ גלאָז“, וואָלקאָוויסקער
יזכּור־בּוך I, ז, 490.

אַכטל־פּאַוזע — די, ־ס.
אַכטמאָליק. אַכטמייליק. אַכטמיניק.
-
אַכטן — אַדי לאָקל (קרעמענטשוג). דזוו
יוכטן. אַ'ענע לעדער.

אַכטן — טרוו. אַכט, געאַכט. ￼ Mhd: ahte.
1. רעספּעקטירן. אָפּגעבן כּבֿוד, האַלטן אין

￼

כּבֿוד. אַרויסווײַזן דרך־ארץ. אַ, דעם פֿאָטער
און די מוטער. אַ, אַ תּלמיד־חכם. אַ, די געזעצן.
שעצן און אַ, אַ גרויס ווערק. אַ, דעם מענטשנס
דערגרייכונגען. „קיין הרין האבּן זיא גיאַכט„,
אַהרון בּר, יוסף, איין שון נײַא ליד פֿון אובֿן,
פּראָג תּמ"ח. „איין הוכר מאַן דען דיא לײַט

￼

הוך אַ, אונ, האבּין אבּ שײַא פֿר אים", ארחות
צדיקים, הענא 1710. "זאָל דען איין יוד ניט
אַכטין מײַן אַכפֿירקייט", מרדכי, ז, 28. „אַ,
דעם שבּת אָרעם און רײַך, זענט איר די גאולה
זוכה גלײַך„, ממוס, זמירות. „איך קען מיך
נישט קעגנשטעלן, ווײַל איך אַכט אײַך זייער",
ווײַס I, 'איינער אַ מענטש,. „בּײַ יעדן ייִדן איז
טײַער זײַן אָפּשטאַמונג, מיט דעם טיפֿסטן
נשמה־געפֿיל אַכט ער זײַנע אוראורעלטערן",

לדבּ, נ״י תּשי״ז.

2. שאַצן. טײַער האַלטן. ווי געהעריק אָפּשאַצן. „אַ דרשה, אַ דרשה איז וואויל געאַכט„, פּל. ״דײַנע בּריוו זענען בּײַ מיר קיין בּאַגריף, זיי זענען בּײַ מיר ווייניק וואָס געאַכט״, פּל. ״... זיא צו ירושלים אירה פּרנסה ווערן אַ׳״, משה פּרעגער, דרכי ציון [קאָס, ייִבּל 1 ,XIII־2].

אַכטן

„גיהער יעטווידר מענש פּר זיך אויף עולם הבּא אַליין צו טראַכטן און, תּורה און, מצוות היפּש אַכטין״, עיון, יב/א.

3. האַלטן אַז עס איז וויכטיק. לייגן גרויס אַכט. ״איטליכי יודין בּחזקת כּשרות איז... איז אייני מער מדקדק אַז די אַנדר; אויך זײַן צו ווײַלן יונגי קעפּף די עשׂ ניט אַ׳״, בּראַנט.

„. ▯. דאז ספּר זאָל ווערן פּיל ג אַכט״, לט1,

י

שער־בּלאַט. ״זאָלשׂט זײַן שפּאָטין און, לאַכין ניט אַכטין״, ר, אַריה ליבּ בּר, זליגמן..., תּיקוני המועדים, ח„א פּיורדא תּפ„ט. „איז דר

,

פּאטר מחויבֿ זײַן האבּ און, גוט ניט צו אַ,

און רבי געלט צו געבן“, עח, יג/ג. ,,ווער וועט
אַ, אומאַנטפלעקטע שטראַלן אין טוי פֿון
ווייטיקפֿולע אויגן?,,, יהואָש, ,בעקבֿתא דמשיחא,.
,,דער מענטש זאָל אַ, צו האָבן פֿרײַנד“, צור,
צו.

4. האָבן אין זינען. נעמען אין באַטראַכט.
,,ליבי טוכטר, אַכט און, קאַף מיר שלייאר אום
ב, גילד...“, פּב, 1533 [וואַכשטיין־בוך, ייִוואָ
1939]. ,,קוינט איר מיר אין אַ, איך וויל אויך
לונן וואָל“, שמואל־בוך, סטראָפֿע 581. ,,רו“ט
זאָלין אַ, אַלי קיומים אויז צו שרײַבן“, תקק.
,,אַכט און, טרכט דז צו אײַך קענט קומן...“,
פּראָגב, 40. ,,דיא רײַכה טרײַבן מיט איר געלט
אייטל לושׂט און, ורייד און, אַכטין ניט קיין
ארמה לײַט“, יעקבֿ טויסק, איין שוין נײַא ליד
פֿון משיח, אַמשט 1666. ,,,... איבר ת, ר“ט
[= רײַכסטאָלער] גיקאָשׂט, אביר האבין עשׂ
ניט יל ג אַכט“, גה, 156. ,,וועט איר זײַנע
י
רייד ניט אַ', אונטערגיין און וועלקן מוזט
איר“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.

5. שאַנעווען פֿטמ, לר. ,,אַ נײַעם בגד
באַ.
דאַרף מען אַ',,.

6. ארכ. בּעטן (און בּאַקומען). זיך משתּדל זײַן צו קריגן. ,,קיין מאַן... זול איין סרסור איינם שׂר... צו אַכטין צו בּאָרגין פֿון איינם אַנדרן שׂר...,,, תּקק   פֿון המי ש אַכטין
,,   ’,
אויף דען וגסד,, [= (פֿאַרשטעלט) כּסף, געלט], פֿראָגבֿ, 36. ,,גינאד בּײַא דען בּרים הערציגין קיסר יר,,ה גיאַכט,,, אַהרון בּר, יוסף, איין שון נײַא ליד פֿון אובֿן, פֿראָג תמ״ח. ,,איך וועל אַרויסגיין פֿון דער תיבֿה, זאָ וועל איך זען און וועל מיר אַ, איין קליין זון“, צור, נח.
ע ר בֿ ו ת אַ, = קריגן ערבֿות־געלט. ,,דער ווײַל איך נאָך צו טון הבּי גיהט מיט ע, אַ', בּין איך נאָך אין די תּפֿיסה גוועזין“, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, ,כּ,,י מגילת איבה', 1703.

7. אוטוו. אַרכ. האַלטן פֿאַר, אָננעמען פֿאַר, פֿאַררעכענען פֿאַר. ,,איז אַזאַ ווארדן גימכט דשׂ עשׂ בֿור חלבֿ גיאַכט“ [און דעריבּער עסט מען עס ניט, ד״ה דאָס פֿעטס 'אויף דען פּונצן'], מנהגים... דורך דאז גאַנץ יאַר, ווינידיג, ש״ן [ווענעציע 1590]. ,,ער זאַך זיא יהודה אונ, ער אַכטט זיא צו איינר און שטעטרין“, טח, בּראשית, לח, 15. ,,די פּרסיים... אַכטטן דשׂ היר אַלכּסנדרוס פֿיל גרעשׂר דען עשׂ... וואַר“,

יוסיפֿון, אַמש ט 1661. „מכוון זײַן מבֿטל צו זײַן
אַל דשׂ חמץ... אונ, זאָל עשׂ אַ'... אַז ווען
עשׂ נאָר ערד ווער“, מחזור שלש רגלים, אַמשט

1343

1713, קה/ב. “און ער עלי אַכטיט זי [חנהן]
פֿאַר איין טרונקיני“, סהמ, שמואל א, א, 13.
אַכטן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך גרויס האַלטן.
„ווער קאַן זיך אַ, קעגן דיר“, בּרכת המזון
(הגדה של פסח), אַמשט 1723, סב/א. “קיין
מענטשן ניט פֿאַראַכטן און אַליין זיך ניט
שטאַרק אַ'“, ממוס, יודל. „ווי קאָנען מענטשן
וועגן זייערס טראַכטן?... מע דאַרף זיך ווייניק
אַ'“, האַל, מײַן אוצר.

2. אַרכ. זיך אײַנשאַפֿן. „איין קיסרישי
בּיפֿעליך האָט ער זיך גיאכט“, אַהרון בּר, יוסף, איין
שון נײַא ליד פֿון אובן, פֿראָג תּמ“ח. „די עבֿירה
[פֿון טרפֿות] קומט פֿון קאַרגהייט וועגן, דז ער
זיך ניט אַכט איין יודשי קעכין“, מחזור ר„ה
ויו“כּ, הומבּורג 1721, קעא/א. 3. לייגן אַכט.
אָפּהיטן. „דער זוהר שרײַבּט, וועלכר מענש
זיך ניט טוט אַ, אום צו הילן אַלי טאָג איין
טלית גדול...“, עח, לבֿ/ג.

אַכטנס — זוו. אַכטער פּונקט, בײַם (אין) אַכטן פֿונקט. "יאָ, וואו האַלט איך? אַ', איז דעם פּראָקוראָרס טענה קיין טענה ניט".

אַכטנעמען — אוטוו & טרוו. נעם אַכט, אַכטגענומען. צונויפֿבינדונג פֿון: אין אַכט נעמען. אַ, די נײַע סכּנות. „אויף יונגע קינדער אַכטצונעמען זיי זאָלן צו ווילדקייט ניט קומען", ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1844. —ונג.

אַכטע — אַדוו. [אין לד, אין אַ צאָל אוקר נבֿ.] אַכט אַזייגער. „ווי שפּעט איז עס? — ס'איז באַלד אַ'". „ס'איז נאָך קיין אַ, נישט געווען, ווען מע האָט זיך געשטעלט דאַוונען".

אַכטעמערדיק — אַדי. וואָס האָט (קען אַרײַננעמען) אַכט עמערס. אַן אַ'ע פֿאַס.

אַכטעק — דער, ־ן. (פֿלאַכע) געאָמעטרישע פֿיגור מיט אַבט ווינקל ן (שפּיצן). אָקטאַגאָן.

אַכטווינקל ־יק — אַדי. אַ'ע שטיינער.

.

„... אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז טיי אויף אַ שוואַרץ אַ'יק טישל", אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. אריך: אַ'נדיק.

אַכט ע(ר) — אַדי. סדר־צאָל צווישן זיבעט ע(ר) און נײַנט ע(ר). דאָס אַ'ע קינד, אַן אַ, קינד. מיטן אַכט(ן) קינד. „די אַ'ע [ווײַבֿ] צאַפּט

מיר מעד און ווײַן" ל. „דאָס אַ'ע וואונדער פֿון
,
דער וועלט", ײִט, פּוילן י. "וואָס איז די
הײַנטיקע דאַטע? הײַנט איז שוין דער אַ'ער [טאָג
אין חודש]". „שוין נעכטן געווען דער אַ'ער
און מע זעט נאָך ניט פֿון דעם עולם [לאָקאַטאָרן]
אַ קאָפּיקע", אַ מארגאָליט, די געהיימניסע...,
וואַרשע 1882. „ערשט אויפֿן אַ'ן יאָר איז שׂרה
שוואַנגער געוואָרן", א סאיר, דער קליינער
קאַטערזניק, ווילנע תרמ"ג. "די פּיקערס באַפּאַלן
מיך ווי די אַ'ע מכּה" [= הײשעריק]. די אַ'ע
ק אַ ט ע ג אָ ר י ע — פֿון פּאַטענטן צו מעגן
אַרבעטן, וואָס אָרעמע בעלי־מלאָכות האָבן
געדאַרפֿט אַרויסנעמען אין פּוילן צווישן ביידע
וועלט־מלחמות. ער איז פֿון דער אַ'ער
קאַטעגאָריע — איז אַן אָרעמאַן, אַ בעל־מלאָכה אָן
געזעלן. דערפֿון אונטער נאַצישער הערשאַפֿט:
ד אַ'ע ק אָ מ פּ אַ נ י ע — אַרבעטערס, קליינע
י

אַ'כטקלאַנג

בעלי־מלאָכות, סתּם אָרעמעלײַט. „די

בירגערלעכע ייִדן, למען־האמת ניט אַלע, האָבן זיך
נאַאיוו אײַנגערעדט, אַז ווען אַפֿילו אין ערגסטן
פֿאַל — איז נישט זיי מיינט מען עס, נאָר די
אַ'ע קאָמפּאַניע,,, א. ווײַסבראַט, עס שטאַרבט
אַ שטעטל.
אַכטער — דער, ־ס. קליין (קלענסטע)
קעראָסין־לעמפּל (לויט דער מאָס פֿון גלאָז). ,,אויפֿן
טיש ברענט אַן אַ',,. אויסגיין ווי אַ קנויט אין
אַן אַ'. ,,געשטאָרבן דער לעצטער שנײַדער,
דאָס נידעריקע שטיבל און דער אַ־לאָמפּ“, מק,
זעלמעניאַנער. ,,אַ קליין טוקנדיק פֿײַערל פֿון
אַן אַ־לעמפּל פּרוּווט זיך אַ שטיק צײַט צעשנײַדן
די געדיכטע פֿינצטערניש“, אי. דרוקער,
קלעזמער, קיִעוו 1940.
אַ'כטעריק — אַדי. ל2. וואָס איז געכּפֿלט
אויף אַכט. וואָס איז גענומען אַכט מאָל. אַן
אַ'ע צאָל. אַ'ע מאָס.
אַכטערליי — אַדוו & אומדעקלינירלעכער אַדי.
אויף אַכט אופֿנים פֿון אַכט מינים. אַ, מיטלען
.
עפּעס צו טאָן. צונויפֿמישן אַ, געווירצן.
־איק — אַדי.
אַכטפּונקט — דער, ־ן. שריפֿט וואָס זײַן
הייך איז אַכט פֿונקטן. דער ווב איז געזעצט

אין אַ'.
אַכטסונקטיק — אַדי. וואָס האָט אַכט פּונקטן. אַ'ער שריפֿט. אַ'ער אָפּמאַך.
אַכטסראָצענטיק. אַכטפֿאַכיק.
אַכט
סונטיק.

אַכטסוס — דער, ־ן. דזוו אָקטאָפּוס. כאַפּן אַן אַ'. „דער בעל־חי מיט וועלכן די כינעזער האָבן זיך געראַנגלט איז געווען אַ גרויסער אַ'. מיט זײַנע שטאַרקע אָנטאַפֿערס האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די שטיינער און געפֿאָכעט מיט זיי אין־דער־לופֿטן“, ג. פֿרידמאַן, איבז, וו. ק. אַרסעניעוו, דערסו אוזאַלאַ, מינסק 1935.
אַכטפֿוסיק — אַדי. וואָס האַלט אַכט פֿוס אין דער לענג. אַן אַ'ער שטאַנג. אַן אַ'ער ריז.
אַכטפֿיסיק. אַכטפֿליגלדיק.
אַכטפֿערזיק.
אַכטקאַנטיק — אַדי. וואָס האָט אַכט קאַנטן. אַן אַ, קעסטעלע. אַ'ער מעדאַליאָן. “... האָבן אָנגעהויבן לערנען גויאישק שרײַבן און...

האָבן שוין געטראָגן אַ'ע קאַפּלעך (יאַרמלקעס)“, א. נוסבאַום, פּעסעלע די גאבעטע, וואַרשע 1885. „האָט ער אויסגעטאָן דאָס יידישע היטל און אָנגעטאָן אַ הויך אַ, היטעלע, אַפילו די קאַפּאָטע פֿאַרקירצט“, ש. האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'.
אַרויסוואַרפֿן אַ, = מע זאָל ברעכן דערבײַ רוק
.
און לענד. *די (דער) אַ'ע(ר) = די זייער גראָבע רוסישע פֿאָרמל בײַם זידלען. זיך פֿאַרטשעפּען מיט פֿאָניען און קריגן כּיבוד, דעם אַ'ן.
אַ'כטקלאַנג — דער, ־ען. צונויפֿגאָס פֿון אַכט קלאַנגען. אַרויסברענגען אַ'ען בײַם שפּילן פּ אַנאָ.
י
אַכטקלאַסיק. אַכטרודערדיק.
אַכטעריק. אַכטשטאָקיק. אַכטשטימיק.

אָכטש

אָכטש — דער, ־ן. פּפּ: אָכטשע. קרעכץ. „יעדער אָ, לעכערט אים זײַן שלאַפֿע הונגעריקע האַרץ“, ג. ח. לעוונער, דער אמת'ר פֿעטער, ווילנע 1897.
אַכטשעהאיק — [... שאָ...] אַדי. פּפּ:

־שעהדיק [... שאָעדיק].   וואָס געדויערט
אַכט שעה. אַן אַ'ער אַרבּעטסטאָג. ,,... אויט..
געאַרבּעט אין אַן אַ'איקן אומבּײַט 130 קוו,
אַרשין,,, ע. איזראַ, צײַג, ק□עוו 1928.
אָכטשען — אוטוו ־טשע, געאָכטשעט. פּפֿ:
אָכען, אָכצען.   קרעכצן, זאָגן כּסדר
אָדאָך. אָ, פֿון ווייטיק. ,,אין מײַן קליין ביבל, אין
דעם עולם קטן, אָכטשע איך מוזיקאַליש און
אויקע אויף נאָטן,,, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן
.1894
אַכיבּע — קאָנ. פּפֿ: כיבּע. cbyba, :□>
5â□[□: □ □>. סײַדן, סײַדן נאָר. חוץ אין
פֿאַל. נאָר אין איין תּנאַי. ,,אַ□ הייסט עס,
אויפֿשטעלן די גאַנצע גאַס אויף איין מאָל אויף די
פֿיס,,, ווײַס, 'ווי דער גורל פֿירט'. ,,[מע וועט
אַלעמען] אײַנזעצן אין תּפֿיסה? אַ מאַכן די

,

וועלט פֿאַר אַ תּפֿיסה,,, פּרץ, מײַנע זכרונות.
,,כ'ווייס ער דאַרף קומען אַהער, אַ, ער איז ניט
היי״, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922. ,,דערוויסט
ער זיך אויך פֿון דער קראַנקייט די סיבּה. דער
בּע־וויטאַמין איז אונדז נייטיק אַ',,, סוצ,
געהיימשטאָט.

אַכילה — [אַכילע] די, ־לות. <מלכים א, יט,
8; יומא, פ/ב אאַ. 1. דאָס עסן. יעדער מין
עסן. האַלטן פֿון דער אַ'. זײַן אַרײַנגעטאָן אין
דער אַ', להוט נאָך דער אַ', עוסק זײַן אין דער
אַ'. זײַן הונגעריק און זיך רײַסן צו דער אַ.. זײַן
אויסגעבֿונדן אין דער אַ'. אַ בקי, למדן (מופֿלג,
ידען, מאדים אע) אין דער מסכתּא אַ, [
קאַלאַמבור מיט מסכתּא מגילה, מעילה]. אַ גרויסער
מײַסטער אין (דער) אַ.. ליגן אין דער אַ, =
טראַכטן נאָר וועגן עסן פֿרעסן פֿוול. ,,בײַם

—

חזנס אוחילה [← אוחילה לאל, 124] פֿאַרוועלט
זיך אַ',, פֿוול. ,,מיט אָ, הייבט זיך אָן זײַן יוצר,,,

פֿוול [לד וואו יוצר ווערט אַרויסגערעדט ,,
יעיצער", דה זײַן יצר־הרע, און ווש מיט '
אדחילה']. "גאָרניט איז אויך אַן אַ',,, שוו. [אַן אָרעמאַן
האָט געגעסן ברויט מיט גאָרני(ש)ט, בולבע
מיט גאָרני(ש)ט אע.] ,,אויבֿ קרופּניק איז אַן
אַ', איז כאַנדרעווקע אַ קהילה,,; ,,אַ, איז די
בעסטע תּפֿילה,,; ,,ווען מען איז הונגעריק,
קלערט מען נאָר וועגן אַ',,; ,,ווען אַ
הונגעריקער כאַפּט זיך צו דער אַ', זײַ גרייט מיט דײַן
מחילה", שוו. הלכ(ו)ת־אַ, — שפּאַסיק, וועגן

דעם וואָס און ווי צו עסן. „ניט הילכ(ו)ת־אַ',
נעמט אַנדערע זאַכן...„„ פֿרוג II, 'דער נײַער
ראַבּינער'. “זיך צו גווינין קלאָר אַ'לות צו
י
עשׂן, דען פֿון קלארי אַ'לות בלײַבּט דער שׂכל
קלאָר, דען פֿון גראָבּי אַ'לות ווערט דשׂ הערץ
און, זײַן שׂכל פֿר שטאָפּט“, עדד, כז/א. „ווען
שון פֿון די בּעשׂטי גזונד אַ'לות און, אויך אין
י
שבּת און, יום טובֿ זאָל זיך איינר ניט צו פֿול
פֿילן“, ארחות צדיקים, 1710, כא/א. „ניט עסן
פֿון היציג אַ'לות פֿון בּשׂמים“, עפּש, דרך הישר
י

1349

לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק מ'. „אַז איך
בּין מיט די צרות שוין געוואוינט געוואָרן,
האָט מיר די אַ, שוין ניט אַזוי אויסגעמאַכט„,
ממוס, ספֿר הבּהמות.
2. דאָס עסן אַ סך, אויף אַן אומאיידעלן
אופֿן. גראָבּע אַ'. אומגעזונטע אַ'לות. „אַ פּעטע
אַ, איז אַ פֿעטע מחילה„, שוו. „ווען מע רעדט
פֿון עסן ֫.ט סאַראַכטונג, רופֿט מען עס אַ'“,

-

יע, יודישע מאכליס II. ,,אַ י ד מיט אַפּעטיט וואָס האַלט פֿון דער אַ',,, שע. ‘‘אין האַלדז האָט ער געשטאָפּט די אַ', גישט געהאַט קיין טראָפּן בושה אַפֿילו,,, יהואָש אַבלען ,,... זיך

,

צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט... ווי צו דער אַ, נאָך אַ לאַנגן תּענית‘‘, חג, טמז, 2 1964 X. האָבן אַ שטאָך אין דער אַ, = להוט זײַן נאָכן פֿרעס. ‘‘דאָס מוזשיקל האָט געהאַט אַ שטאָך אין דער אַ',,, סמב.

3. שפּײַז, פּאָטראַווע. אַ געשמאַקע, באַטעמטע אַ'. אויך מיר אַן אַ'. ,,האָבן דען די ישׂראל באַדאַרפֿט לחם ומים? זיי האָבן דאָך געהאַט דעם סן וואָס איז בעסער פֿון אַלע אַ'לות‘‘, נוצ פּ/א. ,,זאָלסט מיר דערווײַל ניט אויפֿפֿרעסן דאָס לעצטע ביסל אַ'‘‘, ייִט, טמז, 28 1960 X.

אַ, בלא שתיה — [... ב(ע)לוי שטי־יע]. צווייטע העלפֿט: כּמכּה כּלא רטיה [קיימאַקע ב(ע)לוי רעטי־יע]. אַ שפּײַז אָן אַ טרונק איז ווי אַ וואונד אָן אַ פֿלאַסטער. זאַץ. <? צב. ,,די חכמים שפּרעכין: אַ, ב, ש, כ, ב, ר, — עשׂין און גיטרונקין איז איין של[אַ]ק און איין

פּפֿלסטר,,, בראַנט, פּרק מ.

אַ, גסה — [... גאַסאָ] די, ־לות גסות. תּח.
<יומא, פּ/ב; בבֿא מציעא, פּז/ב; פּסחים, קז/ב.
ג ר אָ ב ע אַ', ד,,ה איבערגעטריבענע אַ', ביז עס
גייט שוין איבער, עס קריכט פֿון האַלדז [דער
פּועל מעג עסן פֿון פֿעלד און פֿון ווײַנגאָרטן,
אָבער ניט קיין אַ, ג,, ביז איבערזעטיקונג].
,,און, (אַ, ג') איז טײַטש איבערגעשׂן — איז אום
גיזונד וויא (סם המות) און, אַלי קרענק שלאָגן
צו דאַר פֿון", עח, כו/ד. "פֿון אַ, ג, אָנצושטאָפּן
דעם בויך, דערפֿון קומט מען צו זנות, חלילה",
פּוקח עוורים, שקלאָוו 1832. ,,ער זאָל ניט עסן
אַ, ג', ניט מער וואָס ער באַדאַרף און זאָל ניט
כאַפּן געשווינד ווי איין פֿרעסער,,, ספֿר חסידים,
אָרט? תּק"ז? ,,מע טאָר ניט עסן ביז מע גיט
צו עסן די בהמות אָדער די עופֿות, וואָס ער
האָט, און זאָל ניט עסן אַ, ג',,, ספֿר מקור
הברכה II, מונקאַטש תּרנ,,ה, פּב/א. [אויפֿן סמך
פֿון גיטין, סב/א.]

אַ, ףשתיה — [...אושטיִיע] תּח. <יומא,
ח, א; מסכת כלה רבתי, ט. אויך: אַ, און
שתיה. דאָס עסן און טרינקען. ,,אַ, ו, איז
דער עיקר,,, שוו. ,,בײַ אַ שיכור איז אַ, אַ טפֿל
און ש, דער עיקר,,, שוו. ,,מראָש חודש תּמוז

עד ראָש חודש תּשרי זאָל מן פֿיל מין גיוואַרנט
זײַן מיט אַ, ו,, דהײַנו: ער זאָל ניט פֿיל עסין
היציגי שפּײַז", משה רופֿא, ירושת משה,
ווילהרמרשדאָרף 1677. "און מיר געפֿינען נאָך מיין
זאַכן וואָס נייטיק איז, דהײַנו אַ, ו'", אַ פּאַוויר,
איבֿז, בחינת עולם, תּר"ו. ,,אַן עולם־הזה פֿון
אַ, ו',,, פּרץ, 'דער אַרענדאַר'. געניצט פּעיאָ:

אַכילעס

פֿרעסן און זויפֿן. איר, עוסק זײַן אין מצוות
(הילכות) אַ, ו'. אַרײַנגעטאָן אין אַ, ו, — זײַן
שטאַרק פֿאַרגרעבֿט, עולם־הזהדיק; זײַן אַ
פֿרעסער. אַ, ו, כּיד־המלך = אַ גרויסאַרטיקע סעודה.
אַ, לצורך קיומו — [... לייצוירעך
קיִומוי] זאַץ. תּח. נערונג צוליבֿ עקסיסטענץ.
דאָס עסן כּדי זיך צו דערהאַלטן בײַם לעבֿן.
פֿאַראַן אַזעלכע זאַכן וואָס זײַנען אַ מצווה:
,, - -
כּזית מצה, אתרוג, אַ, ל, ק'", לדבֿ, נ"י תּשי,,ז.
אַכילת־אַרעי — [אַכילאַס־אַראַי] תּח.
<סוכּה, כו/א. אַ צופֿעליק עסן. היפֿוך פֿון
אַכילת־קבֿע (←), לײַכטער ביסן. איבֿערבײַס
(← בֿ3, 885). ,,מיט אַזאַ אַ'־אַ, וועסטו בלײַבן

טויט־הונגעריק". [מע מעג עסן אַ,־אַ, אין די טעג פֿון סוכּות מחוץ דער סוכּה.]

אַכילת־דם — [... ־דאַם] דאָס עסן בלוט. ← איסור אַכילת־דם. „[די פֿרוי איז] מכשיל דעם מאַן מיט אַזאַ מין עוון גדול פֿון נידה און אַ־ד', ווען זי איז ניט נזהר מיט פֿליישזאַלצן", הרבֿ מ. טייטלבוים דק„ק אוהעל, ספֿר מעין טהור, אָרט? יאָר?

אַכילת־טריפֿות — [... ־טרייפֿעס, טאַרפֿעס] דאָס עסן טרייפֿס. „איבער פֿאַרשידענ□ אומשטענדן האָט אים דער זרם־החיים פֿאַרפֿירט אין אָ ווײַטער סבֿיבֿה בּיז חילול־שבּת, אַ־ט', ר„ל„, לדבֿ, נ״י תּשי„ז, 238. □. איסור־טריפֿה.

אַכילת־מצה — [... ־מאַצע] <פּסחים, קכ/א. דאָס עסן מצה. [עס איז אַ מצווה עשׂה מדאורייתא צו עסן מצה די נאַכט פֿון פֿופֿצנטן אין ניסן בײַם ערשטן סדר. אויף די איבעריקע טעג פֿון פּסח איז דער חיובֿ ניט חל (אָבער

□

חמץ טאָר מען ניט עסן). דער שיעור פֿון אַ־מ, איז די גרייס פֿון אַ כּזית. אין חוץ־לאָרץ איז

דער חיובֿ אויך אויפֿן צווייטן סדר מחמת
יומטובֿ שני של גלויות. מע מאַכט פֿריִער די בּרכה
'המוציא לחם', און נאָכדעם 'על אַ־מ".] ◻ ייִדן
האָבּן ליבּ געהאַט מקיים צו זײַן די מצווה פֿון
אַ־מ',,, אפֿא, טמז, 1966 II 21.
אַכילת—מרור — [... ־מאָרויר] <פּסחים,
קכ/א. דאָס עסן מרור. [פּסח בּײַ די סדרים;
נאָכן חורבּן איז דער חיובֿ פֿון אַ־מ, בּלויז
מדרבּנן.] מע מאַכט אַ בּרכה 'על אַ־מ". *יעדן
טאָג מקיים זײַן די מצווה פֿון אַ־מ, = האָבּן
כּסדר גרויסע צרות.
אַכילת־ק◻ע — [... ־קוואַ, קעוואַ] תּח.
<לויט סוכּה, כו/א. סעודת־קבֿע.
אײַנגעשטעלטער מאָלצײַט אין באַשטימטע צײַטן פֿון
טאָג פֿולער מאָלצײַט. היפּוך פֿון אַכילת־אַרעי.
.
[אַן אַ־ק, טאָר מען ניט עסן אין די סוכּות־טעג
מחוץ דער סוכּה.] ,,ער האַלט אָבּער נאָר אַזוי
לײַכטס צו פֿאַרבּײַסן, [ניט] אַן אַ־ק',,, קמ,
.No ,18◻8 45
אַכילעס — מענער־נאָמען. (גר מיטאָלאָגיע)
גרעסטער העלד פֿון טראָיאַנישער מלחמה, העלד
פֿון האָמערס איל אַדע; נאָר אין דער פּ אַטע

' '

האָט מען אים געקענט פֿאַרוואונדיקן; פּאַריס

האָט מיט אַ פֿײַל געטראָפֿן אַהין און ער איז

-

פֿון דעם געשטאָרבן. דערפֿון—אַ'(עס)־פּ יאַ ט ע,

שוואַכע, סכּנהדיקע שטעל (שטריך). טרעפֿן

אָכלאַפּ

עמעצן אין זײַן אַ'־פּיאַטע. יעדערער האָט זיך

זײַן אַ'־פֿיאַטע. אַ'־בּ אַ נ ד (שנור) — מוסקל

פֿון דער פּ אַטע. "ווען מע טראָגט הויכע קנאַפּל,

'

ווערט קירצער דער אַ'־בּאַנד", פֿגעז, ווילנע

3 l939, No. דאַרטן אויך: אַ, ש פּ אָ ן = אָדער

וואָס פֿאַרבּינדט דעם בּיין ◌ון דער פּ אַטע מ◌ט

' ◌

-

די מוסקלען פֿון פֿוס.

אָכלאַפּ — דער, ־עס◌ פּפּ אָכליאַפּ.:◌ ◌ .

◌]1 .oeh1a. אָפּפֿאַל. קריגן צו עסן בּלריז אָ'.

די וואַסערדיקע זופּ וואָס מע האָט געקאָנט קריגן
אין לאַגער איז געווען אָ'. 2. אָפּגעלאָזענער.
אומריינער. מגושמדיקער פּרעסער. „אָ אַ
— , .
מגושמדיקער פֿאַרשוין וואָס איז נאָר עוסק אין
דער אַכילה“, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 2. גיין
אָנגעטאָן ווי אַן אָ'. 3 פֿאַרבּרעכער.
קרימי.
נאַלניק. 4. אַ פּאַטש, אַ פֿראַסק. „כ'זאָג דיר
נאָכאַמאָל, וואָרן דו קריגסט דעם ערשטן אָ„,,
ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 1922.
אָכלאָקראַט יע
— די לאָקראַ'ט — דער.
־ס. איי גר
הערשאַפֿט פֿון המון. אָכ
אָנהענגער פֿון אָכלאָקראַטיע ־יש — אַדי.
.
אָכלה ומהתה את סיה — [אָכלאָ אומאָ'
כאַסאָ עס פּיהאָ] זאַץ תּח. <משלי, ל, 20. 'זי
האָט געגעסן און אָפּגעווישט איר מויל'. אייפּ,
לשון נקיה פֿאַר אַן אויסגעלאַסענער פֿרוי מיט
(וואָס שטעלט אַרויס) אַן אומשולדיק פּנים.
געניצט אויך וועגן אַ מאַן וואָס מאַכט זיך כּלא

ידע נאָכן אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך.

אָכלו זרים כוחו — [... זאָ'רים קריכוי] זאַץ תּח. <הושע, ז, 9. 'פרעמדע האָבן אויפגעגעסן זײַן כּוח', תּי. [אַזוי באַצייכנט דער נבֿיא דעם מאָראַליש־רעליגיעזן מצבֿ פֿון מלכותאפרים.] געניצט □[אַרן צושטאַנד פֿון אַסימילאַציע -

און אָפּפֿרעמדונג. "דער יונגער ייִדישער דור? אָ, ז, כּ', ער דינט צו אַלע עבֿודה־זרות".

אַכלן — [אַכלאָן,... לען] דער, ־ים. וונ ־טע, ־ס. <ירושלמי, מעע)רות, נ, ד. [היות ווי מע האָט ירושלמי ניט געלערנט, דאַרף מען אָננעמען אַז דאָס וואָרט אַ, איז אַ זעלבשטענדיקע שאַפֿונג אין ייִדיש.] עסער מיט גרויס אַפּעטיט. אַרײַנעסער פֿרעסער. דזוו אַכלער. ,,איך — . בין אַ געוואַלדיקער אַ, פֿון פֿלייש. אָן דעם שטיקל □לייש האָב איך נישט געקענט אויסקומען", נאַד.

אַכל□ען — [אויך: אַכעלן] טרוו. אַכל, געאַכלט. <,אַכל', זייער אַ סך מאָל אין תּנך. עסן אַ סך, מיט גרויס אַפּעטיט. עסן אויף אַ

מגושמדיקן אופֿן. דזוו עסן, אָבער אומאיידל פֿרעסן.

.

האַלטן אין איין אַ'. האַלטן פֿון אַ'. קענען גוט אַ.. אַרײַנעסן, אַן אַכל טאָן, אַרײַנרייַבן אין (מיט) ביידע באַקן. וואָס פֿאַר אַן אַ, דאָס איז געוועז! "דער ערל אַכלט גאַנץ געשמאַק", שע, 'מיטן עטאַפ'. „——.. מע דאַרף מיטנעמען עפּעס צו אַ,! — ניט געזאָרגט... כ'האָב קנאַפּע צוויי טאָלער", אָפּא, 'קאָמעדיאַנטן'. "ווי לאַנג איז דאַס דער שיעור עוסק צו זײַן אין מצוות אַ'?„, ז. מנירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. „איך האָב. ‏. אַ ווייַב... אדן אַ האַלבע טוץ קינדער, זיי דאַר‏ן אַ'„ יט)ראָל

רוח()135

מו‏סקי, זכרונות פֿון מ‏.ן לעבן, פּאַריז 1930. „מיר דאַרפֿן משלמען אין רעסטאָראַן, וואו מיר אַ"", ש. י. האַרענדאָרף, טעאַטער־קאַראַוואַנען, לאָנדאָן 1955. לערנען קען ער? אַ, קען ער... = ער קען גאָרנישט. „אַכעלע, בייַבעלע, באָכע איז די בעסטע מלאָכה" [= עסן, טרינקען, שלאָפֿן — אין נאָכגעמאַכטן קינדער־לשון], שוו. אויך:

"אַכעלע, באַכעלע, באָכע(לע) איז די בעסטע מלאָכה(לע)". אויך: "... באָפּע....

־ער (־ערקע) — ווער עס האָט אַ גרויסן אַפּעטיט, עסט אַ סך. דזוו אַכלן ←. ,,צוויי סוחרים פֿון די זאַמאָשטשער אַ'ס ווילן דווקא געפֿילטע פֿיש,,, פּרץ, בילדער און סקיצן

אָכלת ושׂבעת — [אָכאַלטאָ ווייסאָוואַטאָ]

זאַץ תּח. <דברים, ו, 11 אאַ. 'דו וועסט עסן און זאַט זײַן'. בײַם סאַרבעטן אַן אורח פֿלעגט מען זאָגן: אָ, ו'.

--

אָ, ו, וכרהת — [... אווואָראַכטאָ] האָסט געגעסן און זאַט געוואָרן און אַנטלאָפֿן (זאָלסט אַנטלויפֿן). פּאַראָדירטער טעקסט פֿון 'וברכת, [אוווייראַכטאָ — דו זאָלסט בענטשן]. אָ, ו, ו, — זאָלסט אָפּעסן און אָפּשווערן און אַנטלויפֿן [ווש. שׂבעת — נשבעת].

אַכמעסטרינע —די, ־ס. Moc bmeis erin>.

־[. בעל־הביתטע, הויז־פֿאַרזאָרגערין. ,,ס'איז גוט צו זײַן אַן אַ, ב אַ ולער סקרינע", שוו.

י

2. גאָספּאָדיניע. אַ גלחס הויזפֿרוי, אַ קעפּסווייַב.
3. פֿאַרוואַלטערין אין אַ פֿרויען־מאָנאַסטיר.
הויפּט פֿון נאָנעס.

אָכן — אוטוו. אָך, געאָכט. Mhd: ac e n.
 אָכען. „איַ, ליבּינקער גאָט... צו דיר
איז מיַין אָ', צו דיר איז מיַין בּטחון“ פֿל (אין
,
אַ נוסח פֿון 'גאָט פֿון אַבֿרהם', בּיאַליסטאָק).
“איַ די בּאָד, די בּאָד! האָבּ איך געאיַקעט און
געאָכט, וואו נעמט מען די בּאָד“, ממוס פּישקע
,
“אַ שלעכטע ציַיט, עס איז נישטאָ קיין דריַער,
מען אָכט...„, פּרץ, לידער און פּאָעמען.
אָ, און ז אָ כ ן = קרעכצן און קרענקען.

געניצט אין קללות. “ווען גבֿירים הייבּן אָן אָ,
א, ז', האָבּן אָרעמעליַיט וואָס צו קאָבן“, פֿוול.
„וואָס וועלן זאָגן בּייזע צינגער — אָ, א, ז,
זאָלן זיי — אַז איך פֿאַרשליס פֿאַר דיר דאָס
עסן...“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.
אָכן — [אָכיי'ן] זוו געניצט זן און קיינמאָל
ניט זעלבּשטענדיק. פֿאַרוואָר, בּאמת, למען
האמת. “אָ, ווען איין אַלטיר גבּאי זעלבּשׂטין אַן

טיש איז און גיבט זיך זעלבשט אויף, זאָל זײַן
דעה גם כּן נחשב ווערן“, 'תּקנות ק“ק
ניקאָלסבורג', 76 1, תּקנה יב.
אָ, יש ה, בּמקום הזה — [... יעש
האַשעם (אַדוינאַי) באַמאָקוים האַ'זע] זאַך תּח
<בּראשית, כח, 16. 'פֿאַרוואָר, גאָט איז
פֿאַראַן אין דעם דאָזיקן אַרט', תּי. [סוף פּסוק:
“ואָנוכי לא ידעתי“ —.. א ן איך האָב ניט
געוואוסט; האָט געזאָגט יעקבֿ נאָכדעם ווי ס'האָט
זיך אים געחלומט אַז דער אייבערשטער האָט
אים און זײַן זאָמען צוגעזאָגט דאָס לאַנד כּנען.]
געניצט מיטן בּ: אַ געטלעכער נס, אצבּע
אלוקים. „אין מדבּר־סיני... איז געווען מער ווי

אַכסניא

אַ נצחון... די גאַנצע וועלט האָט...
אויסגערופֿן: אָ, י, ה, בּ, ה"„ ניסן גאָרדאָן, טמז,
,

.1( )19(8

אָ, נודע הד ר — [... נוידאַ האַדאָוואָר]
'פֿאַרוואָר, די זאַך איז דערוואוסט געוואָרן', תּי

<שמות, בּ, 14 [האָט געזאָגט משה, ווען ער
האָט אײַנגעזען אַז מע ווייסט אַז ער האָט
דערהרגעט דעם מצרי]. געניצט מיטן בּ: יאָ, ס'איז
מער ניט קיין סוד, דער אמת איז אַרויס ווי
בּוימל אויפֿן וואַסער. „אָ, נ, ה', אַזעלכה קינצן
קאָן דער פֿעטער בּווײַזן...“, איין שיינה היס—
טריא □ון דרײַא לײַט, לבֿוב, תּחת ממשלת
פֿראַנץ השני.

אָכנאַ'ל — דער, ־ן. פּפֿ: אָכנאַליע, די, ־ס.
דזוו אוכנאַל □. 507. אַרויפֿשלאָגן די
פּאָדקעוועס מיט אָ'יעס.

אַכסאַניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס. □..
אַכסניא. האָטעל־גנבֿ. י. טריוואַקס, „גנבֿים־שפּראַך„,
בּײַ אונז יודען, וואַרשע 1923.

אַכסדרא — [אַכסאַדרע] די, ־אות. <בּבֿא
בּתרא, יא/ב. קאָרידאָר. ווערא‌נדע. גאַניקל.
“דער רבּי... איז אַרויפֿגעגאַנגען צו זיך אין
דער אַ',,, לדבּ, נ,,י 1957.

אַכסניא, ־ניה — [אַכסאַ□יע] די, ־ניות. <בּר
כות, סג/ב; בּבֿא מציעא, פּה/א אאַ. [<גר
'קסענאָ, פֿרעמדער]. 1. אײַנגעשטעלט
אַרײַנ□
פֿאָר־הויז, וואו מע נעכטיקט (און מע קריגט

אויך צום עסן). גאַסטהויז. אַן אַ, אין מיטן

וועג. אַרײַנ⸗אָרן, זיך אָפּשטעלן אין אַן אַ'.

האַלטן שבת אין אַן אַ'. זיך וואַלגערן אין אַ'יות.

קריגן אַן אַ, אין גלײַכן געלט. אַ היימישע אַ, —

וואו מע קען די בעלי־בתּים, מע פּילט זיך ווי

אין דער היים. קומען אין (אויף) דער אַ, [אין

די גרעסערע שטעט זײַנען געווען באַזונדערע

אַ'יות וואו עס פּלעגן געוויינלעך אַרײַנפֿאָרן

ייִדן פֿון אַ דערבײַאיק שטעטל. האָט די אַ,

געטראָגן דעם נאָמען פֿון אָט דעם שטעטל. אַזוי

איז אין גלופּסק געווען אַ 'קאַבצאַנסקער אַ, ,

(ממוס, ווינטשפּ)]. „אין אַ רעכטער אַ, פֿאָרן

אַרײַן לײַטישע אורחים„, שוו. „אַן אַ אַ שרעק,

,

אָבער אויפֿן ריכטיקן וועג“, שוו. „ווען מיר

פֿאָרן אַרויס פֿון אַן אַ, וואו מיר קוואַרטירן

נאָר איניקע טעג לאָזן מיר אָטיעזנע„, אמד,

דיא שקלאָוער⸗א, ווילנע 1887. „עס מאַכט זיך

אַן אָבלאַווע — מע פֿאַלט איבער אויף די

ייִדישע אַ'יות אינמיטן האַלבער נאַכט מיט

זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטן“ [די צאַרישע

פּאָליציי זוכט ייִדן וואָס האָבן ניט קיין

וואוינרעכט], שע פֿונעס אַריד II פֿאַר די רײַכע

, , . “

זײַנען דאָ וואַרעמע אַ'יות מיט ווייכע
אויסגעבעטע בעטן'', ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע.
''איבערגעוועט די צרה וואָס אויף דער אַ, האָט
ער ניט געהאַט קיין ליכט. דער ב ע ל־אַ, האָט
דאָס ליכטל אויסגעלאָשן'', אַש, תּהילים־ייִד.
,,איז ער שוין געשטאַנען אויף דער אַלטער
שטאָט, אין נידעריק געבויטן אַ,־ה ו י ז '', בערג,
אָפּגאַנג *באַרדיטשעווער אַ, = ניט דווקא אין
באַרדיטשעוו, נאָר אַזאַ וואָס איז ענלעך אויף
שע'ס באשרײַבונג ״יג. ,,בנימין איין אַכסניא
—
.

אַכסניה של תּורה

צו דער שכינה וואהר דשׂ די שכינה אויף זײַן
חלק רוהט'', ר, יוסף דאַרמשטאַדט איבּז,
תּורת משה, קאַרלסרוע 1770.
2. יעדער מין הויז וואו מע שטייט אײַן אין
דער פֿרעמד. אַזיל־היים. אין אַ, ב״ אַ קרובֿ אָן
י
געצאָלט. אין אַ, פּאַר עטלעכע גראָשן. ''פֿרומע
ייִדן מיט דעם ניגון / ייִדן פֿון גמרא / ווײַזט
מען וואו אַ, קריגן / עסט ער קיין עין־הרע,,,,
אַר, 'צוויי שטעט'. ''דעם מגידס אַ, איז געווען

בײַם שמש, אַ מענטש וואָס בײַ אים קען ער
וויסן צו וועמען ער באַדאַרף זיך קערן און
ווענדן‟, לדב, נ״י תשי,,ז. ‟אַראָפּגעכאַפּט זיך
גלײַך צום גוטן אָרט און געהאַלטן אַ, בײַם
באַגרעבער‟, ייִז, יאָשע קאַלב. ‟מקדש אין די
בערג פֿון גליל... וואו איך קום נאָר, בענק
איך נאָך דײַן ערלעכער אַ',,, חג, 'צפֿת אין די

-

בערג'. ,,דאָ און דאָרט געמאַכט זיך אַן אַ,,
פֿאַרלייגט זיך אַ געצעלט‟, אַבֿרהם זאַק, 'פֿון דער
ווײַסל ביז לאַ פּלאַטאַ'.

3. (חסידות) סטאַציע, עטאַפּ, תּקופֿה אין אַן
אַנטוויקלונג. ,,דער קאָצקער רבי ר, מענדעלע
האָט געזאָגט: דרײַ אַ'יות באַגלייט דעם מענטשן
אויף זײַן לאַנגן לעבנסוועג — די אַ, פֿון קנאה,
די אַ, פֿון תּאווה און די אַ, פֿון כּבֿוד.... די
צוו אַ'יות פֿון קנאה און תּאווה בין איך שוין
״ִ
דורכגעגאַנגען און פֿון זיי פּטור געוואָרן. אָבער
די דריטע אַ, פֿון כּבֿוד — האָב איך זיך
געדאַרפֿט... שטאַרק אָנשטרענגען... ביז איך
בין פֿון דער פּטור געוואָרן‟, ר, יהודה לייב
לעווין, ה)רף.

אַ'—געלט — ״די בעלת־אַכסניא... האָט
בײַ אים ניט גענומען קיין אַ־ג'„, א. לעבענזאָן,
פֿון זאַוואָד אין באָד, ווילנע תּרנ„ד, ז, 29.
־דיק — אַדי. „בײַ זײַנוול פּאָטשטער אין
לאַנגן אַ'דיקן אונטערהויז„, בערג, אָפּגאַנג.
אַכסניה של תּורה — [... שעל טוירע] די,
־יות.... צבֿ. <לויט בבֿא מציעא, פֿה/א.
<תּורה תּמימה, שמות, לג, 7. 'אַ הויז פֿון
לערנען'. געניצט מיט בבֿ: 1. אַקאַדעמיע,
הויכשול פֿאַר ייִדישע שטודיעס. „די באַרימטע
ישיבֿה איז אַן אמתע אַ, ש, תּ'„. 2. זאַמלאָרט
פֿאַר תּלמידי־חכמים, אינטעלעקטואַלן וכד..
בית־וועד לחכמים. „פּרצעס הויז איז אין
וואַרשע געווען אַן אַ, ש, תּ'„.
אַכסרה — [אַכסאָרע] די. מצ נבֿ. תּח. זן.
<דמאי, בֿ, ה. אָפּשאַץ פֿון מאָס אויפֿן קוק.
ניט וועלן קיין אַ', נאָר מע זאָל טאַקע
אויסמעסטן. אין סשי II.
אָכעט — פּד. דזוו אויכעט, ← 142. „עץ
מוזט עס אָ, הערן״, ל. טרייסטער, צוק, מאַרץ
.19□0
אַכעלע, באַכעלע — ← אַכלען.
אָ'כעלע — דאָס (אויך דער & די). ווער עס
האָט די געוואוינהייט צו אָכצען, זיפֿצן,

קרעכצן. אַזאַ אָ'! רחלע די אָ'.
אַכען — אוטוו. אויך: אַכקען. זאָגן כּסדר
אַך אַך. וואָס ביסטו אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ

קעלבערנער התפּעלות? וואָס אַכעסטו?

1351

אָכען — אוטוו. אָכע, געאָכעט. פּפֿ: אָכן,
אָכצען, אָכקען, אָכטשען. זאָגן כּסדר
אָךאָך. קרעכצן, זיפֿצן. אָ, פֿון (איבער) בויכווייטיק.
„אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו מלאָכהן בלײַבט נאָר
דאָס אָ'‟, שוו. „ייִדן אין שטעטל אָ', קרעכצען,
פֿאַלן אויף די פּנימער און בעטן רחמים‟, ממוס,
'די אַלטע מעשׂה, פֿונאַנדערגעוואָרפֿן די

. „...
הענט און לײַכט אַן אָכע געגעבן‟, נ. קאבא ◻
קאָוו איבז, יאַקוב קאָלאַס, זומפּ, מינסק 1936.
‟ס'איז, גאָט מײַנער, ס'איז איר! — האָט זי
גענומען אָ',„ פּמ, מלחמה I. ־עניש.
אַך עצמי ובֿשׂרי אַתּה — [... אַצמי
אוּווסאָרי אַ'טאָ] זאַץ. תּה. <בּו־אשית, כט, 14.
'פֿאַרוואָר, מײַן ביין און מײַן פֿלייש ביסטו',
תּי. [דאָס האָט געזאָגט לבֿן צו יעקבֿן.] געניצט

אַרויסצוהייבן משפּחהשאַפֿט, קרובֿישאַפֿט אָדער בכלל אַ וואַרעמע באַציאונג צו אַ פֿרײַנד. „אַ, ע, ו, אַ, — מיר זײַנען דאָך עפּעס היימישע מענטשן“.

אַכראָ'ן — דער. (גר מיטאָלאָגיע) טײַך פֿון אונטערוועלט, פֿון האַדעס.

אַכפּער — אַדי אַרכ. Mhd: aht-bae.

זייער חשובֿ. וואָס רופֿט אַרויס אָפּשײַ, יראה. אַכפֿער(ד)יק. “איך גלאַב אין איין גו[ט], דער איז אַכפּר און גרושׂ“, בבֿא־בוך, 246. “דע וועד איז אַכפּרר צו אונשׂ דען אַבֿרהם אָבֿינו...“, ספֿר היראה דר, יונה, ציריך 1546. “ער וואַר דער מאַן דער זעלביג גאָר זער רײַך און אַכפּר זער“, יומיפֿון, אַמשט l661. „גאָט, וויא גאָר אַכפּר זײַן דײַן ווערק“, מחזור ר“ה ויו“כ, הומבורג l721, יב/ב.

אַכפּערדיק — אַדי ← אַכפּער. פּפֿ: אַכפּע—ריק. ערפֿאָרכטיק. וואָס איז מיט (רופֿט אַרויס) יראַת־הכּבֿוד. אַן אַ'ע באַציאונג. אַ'ע לײַט. „מיט אַ'ן ער־כּבֿוד דערמאָנט עדעלשטאַט...“, א. י. זאַקוסקי, אין דוד עדעלשטאַט און עטלעכע זײַנע פֿאָרגייער, ב“א 1955.

אַכפּערונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַכפּערן. „קוועל איך פֿון באַוואונ־

דערונג... און בייג מײַן קני מיט אַ,“, יהואָש, 'געטרוימטער זיג'. געצן־אַ', זון־אַ', טײַוול־אַ', נאַטור־א', מענטש אַ, פֿײַער אַ, אאַ.

-, -

-

אַכפּערן — טרוו ־ער, געאַכפֿערט. אַרכ, אין טראַדיציאָנעלער ליט, און באַנײַט אין 20. י״ה. גרייסן, לויבן, פֿאַרהערלעכן, גלאָריפֿיצירן. פֿאַרהייליקן. די גאָטספֿאָרכטיקע וואָס טוען אַ, זײַן הייליקן נאָמען. אַ, גאָטס געבאָט, די געזעצן

פֿון דער תּורה. אַ, דעם ייִדן צווישן י אומותהעולם. „אַזוי האָבן די גויִים אָנגערופֿן די משפּחה... און זיי הויך געאַכפּערט“, ברוך האַגער, מלכות חסידות. „די ליכטעלעך די דאָזיקע וואָס שימערן און שײַנען צו זען בלויז און צו אַ, געשטעלט פֿון דורות זײַנען“, יהואָש, 'הנרות הללו'. „מיר זאָלן אָנטאָן אונדזער ייִדיש ליד אין הייליקער באַקליידונג צו אַ, עס און צו הייבן עס אַריבער אַלע קעפּ„, הל, בלאַט... עפּלבויס.

אַכפּערער — דער (־ס). וונ נב. ווער עס

,

אַכפּערט. אַ, פֿון גאָט ברוך־הוא. אַ, פֿון

עגלאַכציק

הזהבֿ. „מיט זײַנע אייגענע הענט האָט ער
אָנגענומען דעם אָפּגאָט, געגעבן אים אַ צי
אַרונטער... איבער די קעפּ פֿון זײַנע אַ'“, אַש
משה. „שעצער, אַ, פֿון תּורה און גײַסט“, צײַט,
טמז, 8 195 II.
אַכפּערקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מצבֿ פֿון אַכפֿערן, געאַכפּערט ווערן. גדולה.
יראַת־הכּבֿוד, יראה. אָפּשײַ, ערפֿאָרכטיקייט.
מע), באר משה פֿאַרטײַטשן 'גדלך, (דבֿריס, ג,
24): ”דײַן אַכפּרקייט“. „דיא דא דר קענן גאָט
דען אַלמעכטיגן דורך זײַן גרושׂקייט אונ,
אַכפּרקייט“, ארחות צדיקים, לד/ב. „ווען זעלט
לעבן אַזו לאַנג אַז דיא וועלט שטיט... קענט
איך ניט דאז טויזנט טייל פֿון זײַן לובֿ דער
צילן... אונ, פֿון זײַנר אַכפּרקייט“, לט1, טו/א.
”ווירט אונז פֿירן אין די שטאַט מיט גרושׂן
אכפּרקייט“, ספֿר משלים פֿפֿדמ תּמ"ז, ג/א.

—
,

„זאָל דען איין יוד ניט אַכטין מײַן
אַכפּירקייט“, מרדכי, ז, 28. ”אין הימל פֿלאַמיק שטייט
מטטרון שוין און פֿון יעדער תּפֿילה בינדט
ער אויס אַ קרוין... גאָט אין אַ, צו צירן און

באַשיינען,,, אַל II. ,,מיט אַ, און אונטערטעניקייט אין האַרצן שטייען די אָנגעקלאָגטע, אין ווײַסע קיטלען אָנגעטאָן", נ. בּרוסילאָוו, בײַ די טײַכן פֿון פּאָלעסיע.

אָכץ — דער, ־ן. זיפֿץ, קרעכץ. ← אָכצ(ע)ן. "אַלע ווײַלע פֿלעגט ער זיך אויפֿכאַפּן און געבן אַן אָ',,, י. ד טאָיבּ, דער קדיש. ־, ווילנע תּרמ"ט.

אַכציק — צוו. 80. Mhd: al c. אַ'־יאָריק. "אַ, ער און זיבּעציק זי,,, וואַר. ,,זײַט גיהיט אַן דען מכשפֿות דען עשׂ זײַן אירי אַכטציג,,, מבּ, מעשׂה פֿח. ,,דערנאָך האָט ראובֿן געזאָגט צו שמעון: פֿון די נײַנציק טעג וואָס איך האָבּ דיר אוועקגעבּאָרגט פֿאַרדינג דו מיר צוריק אויף

אַ, טעג", שהמ, כז/ד. אין קללות אָפּט אַ': אַ, אומגליקן (צרות, אָנשיקענישן, מכּות אע) אויף דײַן (זײַן) קאָפּ! [אַ, אַסאָציאירט זיך קלאַנגיק מיט אַך I]. ,,בּײַנאַכט אַז איך עס ניט אַזוי געשמאַק צי איך באַפּ אַ דרימל..., טוט זיך עס קריעת־ים־סוף: אָ דיר, אַ, שוואַרצע יאָר!", ייִל, ניט טויט, ניט לעבּעדיג, ווילנע תּרנ,,ח. *אַ, בּ ר ע ך — אַ סך צרות. ,,עס פֿידלט ניט, עס רײַסט זיך, עס איז אַ, בּרעך". ,,איך וועל זיך

נעמען צו אים, וועט (צו) אים זײַן אַ, ברעך,,.
אַכט און אַ, מאָל = זייער אַ סך מאָל, אַ גוזמא

מאָל. ״אַכט און אַ, מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט אַז...״. ,,אַ הימל וואָס מיר זעען אַכט און אַ, מאָל אין אַ שעה...״, חיים־יצחק בונין, חב״דיש, לאָדזש 1938. ,,אַכט און אַ, איז אַ ייִדישע קללה (ברכה)״, שוו. [א) אי אַ ברכה אי אַ קללה איז גוזמאדיק; ב) איבער 'יצילך מפח יקוש', תהלים, צא, 3 — ברכה, 'כמהר צפור אַל פח', משלי, ז, 23 — קללה.]
אַ'ער — אַדי, אומדעקלינירלעך פון 81... ביז 89 אײַנגעשלאָסן. אין די אַ'ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער איז שוין אין די אַ'ער (יאָרן פון זײַן לעבן).
אַ'ער יאָרן פון: 80.. (81..) ביז 89..

אַכציקער

(90..) פון אַ יאָרהונדערט. ,,די ערשטע ייִדישע עמיגראַציע אין די אַ'ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז באַשטאַנען פון אַן אָנגעלאָפענער מאַסע״, דא פון בערלין ביז סאַן,

ראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.
אַכציקטל — דאָס, ־עך. אַן אַכציקטחלק. אַכציקסטל. אַכציקסטע(ר).
אַכציקער — דער. וונ ־ין. 1. ווער עס איז אַלט אַכציק יאָר. ווער עס איז אין ד אַ, י
יאָרן פֿון זײַן לעבן. „זי איז געווען אַ זקנה מופֿלגת, אַן אַ'ין אַוודאי, אפֿשר מיט אַ שמיץ“, פּרץ, חסידיש. 2. ווער עס האָט געלעבט אין די 80ער יאָרן פֿון 19. י״ה מחוץ דעם תחוםהמושבֿ פֿון צאַרישן רוסלאַנד און געמעגט בלייַבן דאָרטן וואוינען. 3. בראַנפֿן מיט 80 גראַד ספּירט. קויפֿן אַ פֿלעשעלע אַ'.
אַכציקערליי — ← אַכטערליי. אַ, מינים. געניצט געוויינלעך בלשון גוזמא.
אַכצן — 1. צוו. 18. be ah :Mhd. „דער קלענסטער פדיון איז געווען אַ, טאָלער אַ טאָג“. “ס'איז געווען אַ ייִנגל פֿון אַ, יאָר, זײַן געליבטע האָט ער פֿאַרלאָזן גאָר“, פּל. “אַ, איז כמנין י“, “אַ, מאַכט י„, פֿוול. „אַ, איז געלעבט. נײַנצן איז געשטרעבט“, שוו [= מע דאַרף ניט וועלן מער ווי אויף דורכצולעבן]. בײַם מנדר זײַן, בײַם געבן אַ נדבֿה, בײַ

צאָלונגען אין פֿאַרשיידענע חבֿרות — האָט מען געשטרעבט צו געבן אַ, אָדער עטלעכע מאָל אַ': צוויי (דרײַ און מערערע) מאָל חי (ח״י). אַ, אָפּט געניצט בײַ שבֿועות און בײַ ברכות. ,,איך זאָל אַזוי פֿאַרמאָגן אַ, שטיקער גאָלד,,. ,,אַ, ברבות אויף זײַן קעפּעלע״. ,,די נײַע מיטגלידער [פֿון דער חבֿרה תּהילים] האָבן געמוזט געבן אײַנקויפֿגעלט צוויי מאָל אַ, פיים״, שמואל ווינטער, ייִבֿל XIII, 1־2. ,,אַ, יאָר אַחוץ (ייִדישע) יומטובֿים און (גויאישע) חגאָות,, — וועגן עמעצן וואָס לייקנט זײַנע יאָרן, ספּעצ וועגן אַן עלטערער מיידל. ,,זי איז אַלט אַ, יאָר? — יאָ, אויף איין זײַט״. ״ער האָט שוין אַ, קרענק, וויל ער נאָר נײַנצן״ — וועגן עמעצן וואָס וויפֿל מע גיט אים, איז עס נאָך אַלץ ניט גענוג. ,,ס'איז אַ, גילדן אַ פֿונט סוכאַרעס,, — א) ס'איז אַ יקרות; ב) די געשעפֿטן גייען שלעכט. ,,ויאמר האָט געזאָגט, וידבר האָט גערעדט, אַ, גראָשן ליגן אונטערן בעט״, שוו [זיך ניט אַוועקלאָזן אויף ווײַטע דרכים, ווען אַ קליינער אויפֿטו, אַ געניצט אויו סתּם ווי אַ גוזמא, ב: אַ סר. ,,זי אַ פֿאַרדינסטל קען גרינג דערגרייכט ווערן]. אַ,

פֿאָרט אַרום מיט אַ, פּאָר שיך״. ,,זי איז אַ מויד

מיט אַ, פֿאַלדן פֿעטס“ (אויך: אַ, פֿאָלעס!).
*(זײַן) מיט אַ, ק ע פּ = גאָר קלוג, מיט אַ סך המצאָות. “דו זאָלסט זײַן מיט אַ, קעפּ, ווערסטו דאָס מאָל ניט טרעפֿן“. “ער האָט אין זיך אַזעלכע אײַנפֿאַלן, וואָס איר וועט דערויף קיינמאָל אָ ניט פֿאַלן, איר זאָלט זײַן מיט אַ, קעפּ“, שע, קליינע מענטשעלעך.... “דאָ געשעט אַן עפּעס, וואָס מע וואָלט מיט אַ, קעפּ עס קיינמאָל וויסן ניט געקענט“, אַלף כּץ, חלום־עליכט. *זײַן מיט אַ, אויגן. ,,מע זאָל זײַן מיט אַ, אויגן קען מען דעם גנבֿ ניט אײַנהיטן,,.

1352

אַ, און ד ר ײַ. מאַכן (ווערן) אַ, א, ד, — שווינדלען. [נבֿ אין ווילנע נאָך ערשטער וועלטמלמה.] ,,די מחצית השקל זײַנען געגאַנגען דורך משהס האַנט, איז דאָ אַ וואַרער רעכענונג געווען; די נדבֿות פֿון עגל אָבער זײַנען שוין דורך קהלשע הענט — איז שוין געוואָרן אַ, א, ד“‘, אמד, דער חזן, ווילנע 1874.

אַ, א, ד ר ײַ צ ן — עיקר, דער הויפּט־ענין. אָנצוהערעניש אויף עפּעס וואָס איז וויכטיק. דיסקרעטער אופֿן אויסצודריקן זיך וועגן

ג ע ל ט , באַדינגונגען בײַ אַן אָפּמאַך אע. „מע רעדט דאָ אַלץ אַרום און אַרום. ווען ווען מיר שוין ריידן וועגן אַ, א, ד'?". "—.—־ וועגן וואָס רעדט איר דאָ? — טאַקע וועגן אַ, א, ד'. מאַכט זיך ניט תּמעוואַסע, איר ווייסט אין וואָס עס גייט". האָכן אַ שמועס מכּוח אַ, א, ד'. געבן אַן אָנצוהערעניש אויף אַ, א, ד'. רעדן קלאָרע דיבּורים וועגן אַ, א, ד,. *אויפֿזינגען אַ, א, ד, = מאָנען אַ גרעסערע סומע. „אַ, א, ד, מיין איך, פּעטי־מעטי מיין איך". „אַ כּלה מיט אַ, א, ד', מיט אַלע פּרעדמעטן" [דאָ: די וויכטיקסטע פּרויאישע סימנים]. "די פּוסטע פּראַנצייזישע קאַלאַמבּורן הייבּן זיך אָן מיט אַ, א, ד, און ענדיקן זיך מיט אַ, א, ד',„ בּלעטער, No 26.

„די טענה אירע צום מאַן איז געווען אַז ער איז נישט געווען גענוג מאַנצבּיל. אַלע אירע רייד זײַנען געווען פֿול מיט אָנצוהערענישן אויף אַ, א, ד',„ באַש, אָר, 1962 I י 16. „אַ, א, ד, און דאָס רעשט (די רעשטע) איז קליינגעלט", פֿול „אַ, א, ד, מיט בייז לויפֿעניש (און דאָס איבּעריקע מינץ)" וול "וואָס עס הערט זיך

,

ווידער מכּוח אַ, א, ד, — ווייסט איר דאָך בּיידע",

מ. דלוגאַטש וועלט מסורה, וואַרשע 1881 [דאָ רעדט זיך וועגן חתן־כלה־באַציאונגען]. "מע דאַרף האָבן צו דער בתולה אויך אַ שמועס מכּוח אַ, א, ד'. וואו נעמט מען דאָס?", שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. „ביי אונדז... איז גאָרניט פֿריילעך מכּוח אַ, א, ד'. דאָ איז שוין לאַנג ניטאָ — ניט פֿאַר איך געדאַכט אַ פּ אַטאַק„, יי אָל, 1886,

No 30. "... וואָס שייך אַ, א, ד, — וואָס דאָס מיינט פּרנסה" פֿאָר, 9 III 1960. [אַכצן — בן י„ח לחופּה, דרייצן — בן י"ג למצוות; י"ח — חי, יג אני־מאמינס.]

2. זוו אַנשטאָט: אַכטונג! היט זיך! אויסרוף, ווען מע דערזעט אַ דייטש אָנקומען. אין געטאָס און אַרבעט־לאַגערן אונטער די נאַציס. כצנטהאַלבן — זיבעצן אַרן אַ האַלב. „ווען מיר וועלן איינטיילן די זיבעציק יאָר פֿון מענטשנס לעבן אויף די פֿיר חלקים [וואָס צווישן די פֿינף פֿינגער], וועט אויסקומען אויף יעדערן צו אַ, יאַר", מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע 1882. אַכצנטל. אַכצנטע(ר).

כצ(ע)ן — אוטוו. אָכן, אָכצע; געאָכצ(ע)ט.

פּ : אכטשע . אַרויסבּרענגען כּסדר די

קלאַנגען אָך־אָך. קרעכצן, זיפֿצן. סאָפּען און אָ,
פֿון גרויסע ווייטיקן. אָ, און קרעכצן איבער
עפּעס, עמעצן. „דאָס ווילדע אָכצן און יאָכצן
אין דער דאָרטיקער פֿאַרסמטער לופֿט, אַן
אָפּקלינגען פֿון ביטערע קלאָגן... פֿון עלנטע

אָכראָנ(ק)ע

יתומים“, ה. עפּפּעלבּערג, דער קרבן, וואַרשע
תּרס„ח פֿאָרט גיצאָגין... מיט לויטר אַכצין
.
און, קראַכצין...„, ר, זלמן הענא, איבּז, צמח
דוד פּפּדמ תנ“ח. „דער צדיק האָט שרעקלעכע

-

תּנועות געמאַכט, געזיפֿצט, געאָכצט“, אד“ם,

דער שפּיעגעל פּאַר אַללע, וואַרשע 1893. ,,
געאָכצעט פֿון איבּערגעריסענע שווערע חלדמות,,,
זש, נח פּאַנדרע. ,,האָט געוואָרפֿן די
דאָקטערײַ און זיך אַוועקגעזעצט אין שטוב אָכצענען'',
אוריה קאַצענעלענבּאָגען, קראַפֿט און ליעבּע,
ווילנע 1904. ־עניש. ־ער — ,,בּאַטראַכט
מען נעענטער אַלע אָ'ס און קרעכצערס אויף
פֿרצעס כּבֿוד נעבּעך,,, י)ראָל שטערן, לידער
און עסייען. ־ערײַ — ,,נאָך פֿיל
קרעכצערײַען און אָ'ען איז מענדל... געזעסן... און
געטרונקען טיי'', בּ. עליס, שרעק, מינסק 1941.
אַכצענער — דער. (בּענקל־מאַכערײַ)
האַלבּקײַלעכדיק בּענקל.
אָכקען — דזוו אָכצ(ע)ן. אויקען און אָ'.
,,... געדענקט ניט אַז זײַן פֿאָטער זאָל זײַן
אַמאָל פֿאַרזאָרגט, אָדער ער זאָל אָ, וו אַנדערע
י
קבּצנים'', שע, יוגענד ראָמאַנען. ,,הייבּט אָן
דערציילן פֿון גיהנום מיט אַלע זײַנע עינויים
קשים. עס פֿאַלט אָן אויף יעדערן אַ מרה־שחורה,
מע אָכקעט, מע קרעכצט'', יtראל רוחמוסקי,
זכרונות ון מײַן לעבּן, פּאַריז 1930 ־עניש.
.

אַכראָמאַטי'ן — דער, ־ען. ← דוווו. (
ביִאָלאָגיע) סובסטאַנץ אין קערנדל פֿון קעמערל,
צעלטל, וואָס נעמט ניט אָן קיין שום קאָליר.
אַכראָמאַט יש — אַדי. <איי <גר.
אָנקאָלירנדיק. ניט־באַפֿאָרבן. וואָס לאָזט אַדורך ליכט
נאָר אין זײַן ווײַסן באַשטאַנד (ניט צעטיילנדיק
אויף די קאָלירן). אַ'ע לינדזן. ־יזאַציע —
די. ־יזירן — טרוו. ־יזם — דער.
באַפֿרײַטקייט פֿון קאָליר.
אָכראַנ ע — די, ־ס. רוסיצ. 1. שוץ, שמירה,
באַוואַכונג. אָ, פֿון די גרענעצן. אָ, פֿון אַ
הויכגעשטעלטער פּערזאָן. האָבן די אָ, פֿון דער
אַרמיי. "... ווײַל בעסאַראַביע שטייט זינט די
פּאָגראָמען... קעגן ייִדן אין רוסלאַנד אונטער דער
אָ, פֿון קריגסצײַט", ייִפֿאָל, 1886 40, No.
2. אָכראַנ(ק)ע. געהיימע פּאָליציי אין
צאַרישן רוסלאַנד (קירצונג פֿון אָכראַנאָיע
אָטדעליעניע). אַרײַנפֿאַלן אין די נעגל פֿון דער אָ'.
פּראָוואָקאַציעס פֿון דער אָ'. ,,אַ טשינאָווניק
וואָס האָט געדינט אין אָכראַנע האָט
איבערגעגעבן ידיעות וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן,,, מוק,
מײַנע באַגעגענישן. ־יק, ־שטשיק —
1. ,,איך בין אַרײַן אין דער זעלבער
קאַוויאַרניע... און געזען אַז ער טרעפֿט זיך דאָרטן

מיט א באוואוסטן אָ'שטשיק“, ש. וויניצער □אָר,

□ □ ־

2 .16 1958 III. סאָוו. היטער, וועכטער. אַן אָ'יק פֿון אַ זאַוואָד.

אָכראָנ(ק)ע — די, ־ס. a □[]on()□h□o: □<.

היים □אַר יתומים. אויך: טאָגהיים וואו

באַשעפֿטיקטע מוטערס געבן אָפּ זייערע קינדער אויף השגחה אויף דער צײַט פֿון זייערע אַרבעטשעהן. איבערלאָזן די ביידע קינדער אין דער אָ'. „האַבן זיך מערערע דאַמען... אַן אַרט

אַכרזיאל

אָכראָנקע (בית מחסה) געגרינדעט“, וואַרשויער יוד, צײַטונג, 21 7□18, No.

אַכרזיאל — [אַכרעזיִעל] <דבֿריס רבה, יא, ו. ,אויסשרײַער', העראָלד. מלאך וואָס איז ממונה אויסצורופֿן, מכריז צו זײַן אין די הימלען. „אַ, האָט אויסגערופֿן מע זאָל ניט אָננעמען די תּפֿילה פֿון משה רבינו„.

אַכרימאַ'ן, ־מאָ'ן — דער. דזוו אַחרימ(אַ)ן,

אַהורמין (← 52). גאָט פֿון פֿינצטערניש אין דער אַלט־פּערסישער רעליגיע. „ער האָט תּמיד געדינט בײדע געטער — אָרמוזד [גאָט פֿון ליכט] און אַ, צוגלײַך — אַ, האָט מיט זײַן שאָטן אַלץ צוגעדעקט„, שנ, ה. לייוויק — 1888 — 8□9□.

אָכריפּנען — אוטוו. ־נע, אָכריפּנעט.
אָכריפּנעט ווערן. רוסיצ. ווערן הייזעריק. שרײַען ביז אָכריפּנעט ווערן. „דער פֿלייטער נעבעך איז אָכריפּנעט געוו□אָרן, ער האָט געדאַרפֿט איבערשרײַען דעם באַס אויף דעם בײַקול“, ממוס, 'קליין מענשעלע', קמ, 1864, .No 48

אָכרע — די, ־ס. <איי <גר. 1. ליימענער אָדער זאַמדיקער באָדן וואָס זײַן געל־ברוינלעכער קאָליר קומט פֿון אַ צומיש פֿון מינעראַלן. 2 פֿאַרב וואָס ווערט געמאַכט אויף דער באַזע
.
פֿון ערד, רײַך אין מינעראַלן. ברוין־געל. רויטלעך־ברוין. ברוינע אָ', געלע אָ'. „געל, — פֿריש אָפּגעשמירט מיט אָ, איז די ערד, די פּאָדלאָגע הייסט עס„, ממוס, 'שבת'. „
אומענדלעךגעצויגענע שטיקער שטאָף שווענקען זיך אין פֿארב פֿון פֿורפֿור, אָ, און הימל־בלוי“, ע.

-

-...

איזראַ, צײַג, קיִעוו 1928. אָ'־פֿאַרבּיק.

אָכרעשטשען — טרוו. ‎וד a]e[]o: >.

1. טויפֿן, קריסטלען. געבּן אַ נאָמען אַ נײַגעבּוירן קינד לויט דעם קריסטלעכן ריטואַל אָדער דורכפֿירן דעם צערעמאָניאַל פֿון אַרײַננעמען אַ דערוואַקסענעם אין קריסטלעכן גלויבּן. 2. שטאַרק שלאָגן. אָ, מיט דער בּײַטש. [כוועשטשען=שלאָגן מיט אַ בּײַטש, רוט, צווײַג אע.] מיט ז י ך.

אַכתריאל — [אַכטריִעל] <בּרכות, ז/א; יוצר לשבּת הגדול: בּלולי אַש.... 'מײַן קרוין איז גאָט'. בּאַצייכענונג פֿאַר דער שכינה. [ישמעאל בּן אלישע דערציילט: ,,איינמאָל בּין איך אַרײַנגעגאַנגען אין קדשי־קדשים מקטיר זײַן ווײַרעך, האָבּ איך דערזען אַ, זיצן אויף אַ הויכן דערהויבּענעם טראָן, און ער האָט צו מיר געזאָגט: 'ישמעאל מײַן זון, בּענטש מיך'. האָבּ איך געזאָגט: יהי רצון דײַן רחמנות זאָל גובֿר זײַן דײַן צאָרן... און זאָלסט זיך אויפֿפֿירן מיט דײַנע קינדער מיט מידת־הרחמים און זיך

באַגיין מיט זיי לפֿנים משורת הדין".] פֿון אַ, שטאַמט דער נאָמען כּתריאל.

אַל — פּראָ, אומדעקלינירלעך. .Mhd: al

1. ארכ. אַלע. אַלעמען. גאַנץ. אַלץ. יעדער. „אַל מורגן גיב דעם קראַנקן...", כּ"י ספֿר רפֿואות„ 1474 [דווקא, No 17] ￼ "שלוגן... אַל פּלשתים לוייט [= לײַט]", שמואל־בּוך, סטראָפֿע 197. „זוא זיכט [= זעט] אַל ידיא וועלט דש

1353

גוט וואַל העלפֿן קאַן„, דאָרטן, סטראָפֿע 367. „דא הט ער זי אַל גישטוכן נידר„, בּבֿא־בּוך, 122. „איז ער [דוד] דאַך אַל צײַט [= שטענדיק] דער אויז ציהר... גיוועזין פֿון דעם פֿאָלק", סהמ, שמואל ב, ה, 2. „דאש שיף מיט זײַנן קנעכטן איז אונטר גאַנגן אונ, זײַן אַל אום קומן„, בּראַנט, פּרק כה. „לובּין טעטין זיא אונזרין גאָט... אין אַל דיא לנדן", יעקבֿ טויסק, איין שוין נײַא ליד פֿון משיח, אַמשט 1666. אַל ישׂראל — כּל ישׂראל, אין שמואל.

בּוך, בּראַנט אאַ. *אַל דער וועלט = אַלעמען. „על [= אַל] דער וועלט גיבעטן„, פּראָגב, 41.

2. דז אין איבערזעצונגען, אין תּחינות, אין אַרכאַאיזירטן לשון, בײַ סטיליזירונגען. „איך וועל פֿאַרטומלען אַל דאָס פֿאָלק וואָס דו וועסט קומען צווישן זיי“, תּי, שמות, כג, 27. „איך וועל טאָן אַל דײַן פֿאַרלאַנג“, תּי, מלכים א, ה, 22. “זיי זײַנען די ירשטן וואָס אַל מײַן באַגער איז צו זיי“, תּי, תהלים, טז, 3. „הקב“ה האָט פֿאַר אים געבראַכט אַל די באַשעפֿעניש צו געבן זיי אַ נאָמען“, צור, בראשית. „בעסער צו זײַן אַ כּבֿד־פּה און נאָכשטאַמלען אַל דײַנע וואונדער“, מל, ‚טרערן'. „.... פֿאַרוואַנדלט אין אַ געלע[ר] לאַטע אַל איר גאָלדן טראַכט“, בראָד, גש, 127 פֿאַר אַל דײַן לעבעדיקער

„ .

פֿרייד„, סוצ, געהיימשטאָט. „מיט אַל די ווײַטן כ'האָב זיך אָפּגעזעגנט“, האַל, מ.ן אוצר, מאָסקווע 1966.

3. סוב אַנשטאָט: אַלדאָס פֿאַראַנענע, אוניווערס. אַ סימבאָל פֿון אַל. „די כוחות פֿון מײַן נשמה פּאָרן זיך נישט צונויף מיט דעם אַל“, נאַד. „וועלטן דרייען זיך אויף אַקסן..., אין טויען שפּיגלט זיך דער אַל„, סוצ, וואַלדיקס.

4. אַרכ. קאָנ. הגם, כאָטש. אויך אַדוו — שוין. „עשׂ איזט אַל שפּאָט [= שפּעט]

גיוועזין“, גה, 151. „מוז דער מאַן... דען שאדין בצאלן, אַל האָט ער דען שאדין ניט גטאן“, מהמ, הקדמה.

אַל־ — ערשטער באַשטאַנדטייל פֿון אַ צאָל סובֿ און אַדי מיטן בֿ: אַלץ, וואָס נעמט אַלץ אַרום. דוגמאָות: אַלאַרומכאַפּנדיק, אַלאַרומנעמענדיק; אַלוועלט, אַלגעזעץ; אַלוועלטלעך, אַלייִדיש, אַלמענטשלעך. „די אויגן וועלן שטאַרן אָפֿן, אַלזוכנדיק, אַלזעענדיק, אָן אויפֿהער, אָן מנוחה“, יהואָש, 'זעעוודיקייט, פֿאַרסמט די לופֿט מיט „. אַלאונטערטעניקסטע, אַללאַקייאישע, אַלפּחדנישע לאָזונגען„, קעגנ אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס אינ דער ליטעראַטור פֿאָרשונג, קיִעוו 1932.

אַ'ל — סופֿיקס פֿון אַדי & אויך פֿון סובֿ אין - אינטערנאַציאָנאַליזמען. דוגמאָות: נאַציאָנאַ'ל, אידעאַ'ל (אויך סובֿ), נאָך ־אַ'ל קען אויך קומען ־יש מוזיקאַליש. ־ע'ל — פֿאַראַן פֿאָרלעך וואו אַל איז דער סופֿיקס פֿאַרן סובֿ און ־על - פֿאַרן אַדי: פֿראָווינצ אַ'ל & פּראָווינציע'ל.

-

אַל — דער, ־ן. 1 פּ:Mhd.   דזוו אָלפּיש ←.

אַל — [אייל] מצ. ־ים. <בּראשית, יד 20; שמות, כ, 5 אאַ.   גאָט. אין ייִדיש ווערט דאָס וואָרט אַל ניט געניצט זעלבּשטענדיק, אָבער קומט אַרײַן ווי אַ בּאַשטאַנדטייל אין אַ צאָל פּראַזעס

אלאָ

און אויסדרוקן: א, מלא רחמים, א, מלך נאמן, א, עליון, א, רחום וחנון (← ווײַטער), אויך ווי אַן עלעמענט אין נעמען (צום סוף, למשל: ישׂראל, יחיאל, גבֿריאל, יחזקאל, עמנואל, אָדער אין אָנהייב, למשל: אליהו, אלישע, אלישבֿע, אאַ).

אָל — די (דער), ־ן. <פּריהויכד .טש — a]le. געוויינלעך די נ אָ ל. מכשיר מיט אַ שאַרפֿן שפּיץ צו מאַכן לעכלעך אין לעדער בײַם נייען. דער שוסטער מיט זײַן אָל און דראַטווע. אבֿ אין ספֿר מתּורגמן: „מרצע — אַל“. "ער זאָל בּאָרן זײַן הער זײַן אור מיט דר אַל„, טח, שמות, כא, 6. „זײַן האַר זאָל דורכאָלן זײַן אויער מיט אַן אָל“, תּי, דאָרטן. אַ גראָדע אָל.

אָ קרומע אָל. „אַן אָל קען מען אין זאַק ניט
בּאַהאַלטן“; „אַן אָל קען מען אין זאַק ניט
פֿאַרבּאָרגן, דער שפּיץ קומט אַרויס הײַנט אָדער
מאָרגן„, שוו. „די אָל איז היסטאָריש עלטער
פֿון דער נאָדל„, י. יאַכינסאָן, מיט געניטע
הענט, קיִעוו 1925.

א“ל — ר“ת פֿון: אין לי, אם לא. אויך ר„ת
פֿאַר אויסטערליץ.

אלאָ — [עלאָ] קאָנ. <בּרכות, ל/ב אאַ. 1. אָבּער,
נאָר. “א, די תּורה לערנט אונדז... עס
איז אָסור צו זאָגן אַ דבֿר מגונה פֿון זײַן חבֿר
הינטער די אויגן“, ספֿר חסידים, תּק„ז? „א,
ווײַל דער מלאך איז געווען מצד הרחמים איז
ער אַקעגן אים [בּלעמען] געשטאַנען“, נוצ,
רכב/א. „א, ער [דער מענטש] בּרויכט צו זען
אַנדערע לײַט גם כּן צו גאָטס דינסט צו
לערנען„, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832. „די פּאַרמעטן
ווערן פֿאַרצערט, א, אָבּער די אותיות צעפֿליִען
זיך„, ז. בּרושי, צוק, דעצ, 1967.

2. סײַדן. „אין עומדין להתפּלל — מע שטעלט
זיך ניט אַוועק דאַווענען, א, מתּוך כּובֿד־ראָש —
סײַדן מען איז אין אַן ערנסטער שטימונג„,
איבּז בּרכות, ה/א. „א, עס קומט אַמאָל אַרויס
אַ שטיקל בּאַליידיקונג, אָט אַשטייגער ווי מיט

מײַן פֿרוי דאָ נעכטן“, װײַס I, 'איינער אַ מענטש'.
„א', מילא, מאַלע... איז רעכט בײַ דיר כ'זאָל
גײן אין כּף־הקלע?„, הר, פֿאַרנאַכט.
א, אם—בּן — [... אימקיין] <סנהדרין,
נו/ב; פּסחים, ק/ב. סײַדן, נאָר, װען. “מע
באַשטראָפֿט ניט א, א'־כּ, מע װאָרנט פֿריִער“.
„איר קאָנט ניט קריגן דאָס רבנות א, א'־כּ, איר
װעט באַװײַזן אײַער סמיכה“.
א, װאָדע'ן, א, װאָס (זשע), א,
װאָס (זשע) דען, א, װי, א, װען —
װײַזן אויף אַן אַנטקעגנשטעל(ונג), להיפּוך צום
פֿריִערדיקן, אויך אויף אַ פּרט װאָס שליסט זיך
ניט אײַן אין אַ פֿריִער־דערמאָנטן ענין. “װי זשע
װערט מען פּטור [פֿון] שׂמחהן? א, װאָדע'ן?
װעט איר ענטפֿערן — עולם! לאָז דער עולם
טאַקע שרײַען געװאַלד!“, ממוס, פּריזיװ. „
ממהנפֿשך, װעט זי דיר געפֿעלן, איז דאָך אַװדאי
גוט. א, װאָס? טאָמער נישט, איז אויך קײן
גרויסער אומגליק„, י גוידאָ דער נײַער
פּראָצענטניק, װילנע 1893. “מע קען פֿאַרשטײן אַ
מענטש האָט אַ בּערדל — אָבער הערנער? א,

אלאָ מאַי

וואָס, מע זעט עס ניט? אָט דאָ ליגט טאַקע די
גרעסטע צרה“ פֿוול. „מע לעבּט נאָר מיט גאָטס
,
נסים מיט וועלכע ער בּאַשירעמט זײַן אָרעם
פֿאָלק ישׂראל, א, וואָס דען?“, ה. ד גילדענ□
בּלאטט, א□רהמעלע בעל־עגלה, ווילנע 1913.
“גוט, דו הייסט מיר איך זאָל עס מאַכן. א,
ווי?“; “ס'וואָלט געווען אַ גוטער געהאַלט, א,
ווען? אויבּ ס'וואָלט ניט געווען אַזאַ יקרות!“.
א, מאַי — <בּרכות, טו/א אא 1. נאָר
וואָס דען? איַ, וואָס דען? געניצט אויסצוגלײַכן
אַ סתּירה אָדער ווי אַ בּאַוואָרעניש קעגן אַ
מעגלעכן אָפּוועגד. “א, מ, ז ש ע האָבּן די
קדמונים אויך געקענט פֿריִער בּאַרעכענען ווען עס
וועט זײַן ליקוי־□חמה אָדער ליקוי־לבֿנה?“, י. מ.
ליפּשיץ, קמ, 1863, No 31. “דער אַרענדאַר זײַט
איר ניט, א, מ'? איר האָט אַן אײַנרעדעניש“,
פּרץ, ,דער אַרענדאַר'. „וואָס פֿאַר אַ ייִדישע
טאָכטער וועט דאָס האָבּן צו טאָן מיט אַ
גנבֿ?... א, מ'? וואָס דען? — האָט דער אַלטער
יעקבֿ טאַקע נישט געפֿונען קיין תּירוץ“, אָפּאַ,
ראָמאַן □ון אַ פֿערד־גנ□
2. געניצט ווי אַן אַרײַנפֿיר צו דערקלערן, צו

באַקרעפּטיקן אָדער אָפּצופֿרעגן. „האָט ער געפֿרעגט דעם מענטשן פֿון דעם וואַלד: ווי אַזוי ווען מיר דאָ אַריבערגיין? האָט ער אים געענטפֿערט: א, מ', ווי אַזוי ווסטו אַרײַן אין מײַן שטוב?“, נחב, ,מעשׂה מבן־מלך ובן־שפֿחה שנתחלפֿו'.

3. געניצט ווי אַ פֿאַרבינדונג פֿאַר אַן אומגעריכטן אויספֿיר. „כ'האָב אָפּגעמאַכט חתונה צו האָכן מיט איר; א, מ'? מײַן טאַטן, דעם רבֿ, שטייט ניט אָן דער שידוך? וועט מען גיין צו דער חופּה אָן אים“.

4. אָן אַ באַזונדערן ב, נאָר ווי אַ

אַרבינדונג צווישן זאַצן אָדער זאַצטיילן בײַם אומבאַהאָלפֿענעם אופֿן רעדן. “כּל התחלות קשות. דער רבי מוז העלפֿן, א, מ, בײַ דער בעלהביתטע“, גענאַרטע וועלט, 1815? „שאַ, וואָס טויג אײַך דאָס? א, מ', אָט וועל איך אײַך דערציילן אַ שענערע מעשׂה,,, שע, 'כאַכנע'.

א, מה — [... מאַ] — דזוו א, וואָס, א, מאַי. „איר זענט אַ געבילדעטער מענטש... א, מ'? אין אַמעריקע דאַרף מען קאָנען גיין מיט די עלנבויגנס“, אָפּאַ, היברו.

א, ניט — אויבֿ אָבֿער ניט. דזוו א, מאַי,
בֿ3 א, נ, — איז לא פֿידאַלתי. „א, נ, — איז
נתן ניט קיין חתן (... מאַלע ניט קיין כלה)“,
פֿוול. “אַ ייִנגל באַדאַרף וויסן: זאָגט אַן
עלטערער — 'טאָג', כאָטש עס מעג זײַן נאַכט — איז
טאָג, גאָר אָן קשיות, א, נישט — איז ביטער“,
ממוס, ווינטשפ. „איר דאַר□ט אונדז העלפֿן,
א, נ, — איז ניט, רווח והצלה יעמוד ליהודים
ממקום אחר“.
נאָך א, נ, ווערט אויך ניט דערזאָגט וואָס עס
וועט זײַן אין דעם היפּוכדיקן פֿאַל (און דער
הערער קען זיך פֿאָרשטעלן נאָך עפּעס ערגערס
ווי דער ריידער האָט אין זינען). “גוט וואָס מיר
האָכן דאָ צווישן זיך קיין שלעכטס נישט
גערעדט, א, נ'...„, ליבֿ פּימטענשטיין, די צו[אה,

1354

לעמבערג 1894. „וויל ער אונדז הוידען קיין
מאַלעריקאַ [= אַמעריקע] ווי עס געהער צו
זײַן — איז גוט, א, נישט...“, לאַט, מישקע
אַלאַ, — דער. אויך: אַלאַה. אַראַבֿישער
נאָמען פֿון איינציקן גאָט בײַ די מוסולמענער.
אַ לאַ,, אַלאַ, — la □:□□□ .. לריט. פּונקט

ווי, אויפֿן שטייגער פֿון. קומט אין אַ צאָל
פֿראַזעס אין פֿר וואָס זײַנען שכיח אין רובֿ
קולטורשפּראַכן. אַ, ל ע ט ע ר — אות־בּאות.
איבּערדערציילן די לעקציע אַ, ל'. אַ, ק אַ ר ט
— עסן לויט אַן אויסקלײַבּ פֿון דער
שפּײַזקאַרטע און צאָלן פֿאַר יעדער שפּײַז בּאַזונדער,
ניט פֿאַר אַ פֿול־צוזאַמענגעשטעלטן מעניו. אַ,
ק ל אָ ש — פֿונקט ווי אַ גלאָק. אונטן לויז.
"... דאָס רעקעלע אַ, ק, הענגט ווי
אויסגעגאָסן", שע, פֿון כּתרילעווקע. "און שטעלט אַ,
שלמה די ווײַבּער צופֿרידן", פּרץ, 'כּסא שלמה'.
אַלאָ, — דזוו העלאָ. בּײַם רעדן דורכן טעלעפֿאָן.
בּ: איך הער, רופֿט זיך אָפּ.
אַלאָאי'ן — דער. בּא. (פֿאַרמאַצעווטיק)
בּיטערער פּראָשיק וואָס מע קריגט אַרויס פֿון
אַלאָע (←) און געווען גענוצט ווי אַן
אָפּפֿירמיטל.
אַלאַבּאַמאַ — גנ. שטאַט פֿון די
פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון אַמעריקע;

אַדמיניסטראַטיווער צענטער מאָנטגאָמערי. אַ, ליגט אין
אַזויגערופֿענעם 'וואַטע־גאַרטל', איז דערעיקר אַן
אַגריקולטור־צענטער, האָט אויך קוילן־מינעס
און אַן אַנטוויקלטע מעטאַל־אינדוסטריע [1969—

3,558,000 אײַנוו', 9,465 ייִדן].
אַלאַבּאַמי'ן — ← אַסטאַטי'ן.
אַלאַבּאַסטער — דער, ־ס. אויך:
אַלבּאַסטער. <איי <גר. נאַטירלעכער גיפּס־שטיין אין עטלעכע קאָלירן, ענלעך צו מירמלשטיין. [ווײַסער אַ, איז זינט אַנטיקע צײַטן גענוצט געוואָרן אין דער פּלאַסטישער קונסט; פֿון רויטן אַ, ווערן אויסגעאַרבּעט טײַערע וואַזעס; גרויער אַ, ווערט פֿאַרנוצט ווי געוויינלעכער מירמלשטיין. אין מאָדערנערע צײַטן איז טאָסקאַנע, צענטראַל־איטאַליע, דער הויפּט־צושטעלער פֿון אַ'.] ריין (ווײַס) ווי אַ.. בּלאַנקען ווי אַ'. ווענט פֿון אַ'. כּלים פֿון אַ'. אַ טיש פֿון אַ'. "די שיינע אסתּר האָט געקראָגן גרויע פֿלעקן אויף איר אַ'־ווײַסן קערפּער,,, בּעמ II. "דאָס פֿײַן גערייטלטע פּנים מיטן אַלבּאַסטער־ווײַסן... האַלדז", פּרץ, 'משופּע'. ,,און וואָס זשע שענקסטו זיי אין תּאווה אין פֿאַרהאַסטער — נאָר לײַוונט און נאָר וואַקס, נאָר שטיין און אַ'!,,, אַל III, 'די מאדאָנע, פֿאַר דען מאגין נעם קליינה שטיקליך

— . ▯

אַלבּאַשׂטיר שטיין, גליאי זיא פֿײַאר רויט...
לעש זיא מיט בּוים איל אבֿ אונ, נעם דיא
שטיינליך, שטויס זיא דין צו פּולוויר...",

סור II, כג/א.
־דיק — אַדי. וואָס זעט אויס אַזוי ווי
אַלאַבּאַסטער ־ן — אַדי. וואָס איז געמאַכט
.
פֿון אַלאַבּאַסטער. "אַ בת־מלכּה אין אַ'נעם
פּאַלאַץ", בּעמ I. "איר פֿאָרט אַרויס פֿון דער
אַלטער שטאָט, פֿאַרבּײַ די וואונדערבּאַרע

מאָאל אָדון

שוען — די בּלויע, די אַ'נע,,, קאָר I I. ,,אין
בּאַגין האָט געלאַנדעט די קאָסמישע שיף בּײַ
די אַ'נע בּרעגן פֿון לבֿנה", יעקבֿ פֿרידמאַן, דר
לעגענדע נח גרין, נ"י l960.
אַלאַבּאַ'רך — דער, ־ן. <איי < גר. 1.
עלטסטער איבּער דעם יִדישן ישובֿ אין
אַלעקסאַנדריִע, בּאַשטימט פֿון דער מאַכט, אין די צײַטן
פֿון דער גריכישער הערשאַפֿט. 2.
שטײַערןאויפֿמאָנער אין די פּראָווינצן פֿון דער
רוימישער אימפּעריע.
אָלאָבּליע — די, ־ס. אויך: אַלאָבּליע,
אָגלאָבּליע, ← 28. 1. דזוו האָלאָבּליע. *אַרויס
פֿון די אָ'ס = א) טאָן אויף אייגענעם בּאַראָט,
ניט ווי עס קירעוועט דער אָנטרײַבּער, דער

אָנפֿירער; בּ) פֿאַרלירן דעם קאָנטראָל איבּער זיך, אַרויסגיין פֿון די כּלים. ▯ פֿאַרפֿאָרן מיט די אָ'ס אין די לאָקשן = פֿאַרשפּעטיקן אָנצוקומען אַהיים ערבֿ־שבת. „כּדי דער סכך זאָל ניט אַרײַנפֿאַלן, לייגט ער אונטער די דרענגער פֿון אַ לייטער אָדער אָ'ס“, דרך אָדם, וואַרשע 1860. „דאָס פֿאָלק, ווי אַ גוט אײַנגעדרעסירט פֿערדעלע, לויפֿט מיט דעם ערשטן קלונג פֿון דעם סיגנאַל־גלאָק גלײַך אין די אָ'ס ▯ פֿון דער פֿאָליטישער פֿאַרטיי־מאַשין“, זשיט II.
2. בּרילנהאַלטער. טייל פֿון רעמל פֿון בּרילן וואָס ווערט אַרויפֿגעטאָן אויפֿן אויער. „ווען איר... וואָלט מיר... אַרײַנגעשיקט אַ מתּנה אַ פֿאָר... שפּאַקולן אין זילבּערנע אָלאָבּ ליעטשקעס“, ווינטש I.

אַלאַ בּרעווע — (מוזט) איט. 'אויף קורץ'. מוזיקאַלישער צייכן פֿאַר טאָפּלטאַקט. אָנווײַז אויף אַ פּאַסאַזש וואָס דאַרף געשפּילט ווערן טאָפּלט שנעלער ווי דער אָנגעגעבּענער טעמפּאָ.

אַלאָגאַמ▯יע — די. בּא. <איי <גר. (בּאָטאַניק) פֿערטיליזירונג צווישן אַן ער־ און זיגעוויקס (דורכן בּלומענשטויבּ, אַריבּערגעטראָגן פֿון ווינט אָדער אינזעקטן) ־יש.

.

אַלאַ, גאַרסאָ'ן   פֿראַזע. <איי <פֿר.

---- □

פֿונקט ווי אַ ייִנגל. אויף אַ ייִנגלישן מאַניר.
טראָגן אַ פֿריזור אַ, ג', קורץ געשאָרן. ''נאָך
דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אונדזערע
מיידלעך גענומען טראָגן די האָר אַ, ג''.

אַ'לאָג□יש — אַדי. <איי <גר. ניט־לאָגיש.
ניט אין הסכּם מיטן שׂכל־הישר. ־יזם —
דער. אומלאָגישקייט. אַרײַנברענגען אַן אַ,
אין דער דיסקוסיע. ־ישקייט — די. ,,אַ,
אינעם דענקען'', ייִבל I□יX.

אַלאָגראַפֿ יש — אַדי. <איי <גר. וואָס
ווערט געשריבן אַנדערש ווי אַרויסגערעדט (
היפּוך: האָמאָגראַפֿיש). ,,די צאָל אַ'ע ווערטער איז
אומפֿאַרגלײַכלעך גרעסער פֿאַר די
האָמאָגראַפֿישע'', ימ, די נײַע שול, 1930   ־יע — די.

.

אַל אָדון — ואייל אָדוין] דער. גאָט (איז)
דער האַר (איבערן גאַנצן באַשאַף) [ערשטע
ווערטער פֿון אַ מזמור לויטן אַלף־בית, וואָס מע
זאָגט שבּת און יום־טובֿ צו שחרית; אַ
לויבגעזאַנג פֿאַרן בורא־עולם, צוגעשריבן צו די

'יורדי־מרכּבֿה', די מיסטיקערס פֿון 8. י״ה].

אַלאַדין

פֿאַר א, אָ, האָט דער באַס זיך צעלאָזט אויף
— „
אַ וואָלעכישן שטייגער... דערנאָך האָב איך
אַנידערגעלייגט אַן א, אָ', אַן אמתן וואָלאַך„,
אבֿג, גילגול, וואַרשע תּרנ״ו.
אַלאַדין — העלד פֿון 'טויזנט און איין נאַכט,.
אַ'ס ל אָ מ פּ — לאָמפּ וואָס מיט זײַן הילף האָט
אַ, געקענט אַרויסרופֿן אַ גײַסט וואָס האָט
דורכגעפֿירט אַלע זײַנע פֿאַרלאַנגען. אויך אַ'ס
ר י נ ג — זײַן ווינטשפֿינגערל.
אָלאַדיע — די, ־ס. □ □]□a□o: □ ־□ .. אוקר.
פֿלעצל, געבאַקן אויף בוימל. אויך: לאַטקע.
אָלאָווי —דער, ־עס. □ □ o1: □ □ ..
אויך: ק. ווער עס אַרבעט בײַ
בלײַ, בײַ צ י ן. צינגיסער. „אָ'עס (צינגיסער)
אין דער 'סטאַטיסטישער טאַבעלע פֿון יִדישע
מײַסטערס און געזעלן', צעד. ־קע — די, ־ס.
1. וואַרשטאַט פֿון בלײַגיסערס, צינגיסערס.
2. קײַקעלע געמאַכט פֿון בלײַ. געניצט אין אַ
צאָל קינדערשפּילן.

אָלאָווקאָווע — אַדי. סל   וואָס איז פֿון צין.
צינען. אָ, בלעכן.
אַלאונטערטעניק — אַדי.   אינגאַנצן
אונטערטעניק. אונטערגעוואָרפֿן אונטער אַלעמען.
די אַ'ע איינוואוינערס   ־יקייט.

.

אַלאַוענס — דער, ־עס. אַמ. <▯:allo׳▯an▯e.
1. קעשענע־געלט פֿאַר קינדער און יוגנטלעכע.
אַ, פֿאַר נאַשערייען.   2. הוצאָות אויף דער
וואָך וואָס דער מאַן גיט פֿאַר דער פֿאַמיליע.
צוטיילן אַ, ווי אַ קאַרגון.
אַל אַזאַ'ר — אַדוו פֿראַזע. אויך: אַל אַסאַ'ר.
שפּאַ.   אויף צופֿאַל, ווי עס וועט אויספֿאַלן.
ציִען אַ נומער אַ, אַ, (ב,,א).
אַ לאָז טאָן זיך — אַספּעקט פֿון
מיטאַמאָליקייט פֿון ווערב לאָזן זיך. גיך, מיטאַמאָל
אָנהייבן לויפֿן, אָנפֿאַלן, אָנקומען אע. אַ ל, ט, ז,
צו דער אַכילה. אָנגורטן די לענדן און זיך אַ
ל, ט, צום (אויפֿן) שׂונא. אַ ל, ט, ז, ווי די
היישעריקן.
אַלאַז אַטיש — אַדי.   וואָס איז פֿון (פֿאַר,
ְ

אין) גאַנץ אַזיע. ,,בודיזם איז ניט קיין אַ'ע

רעליגיע“. ־קייט.
אַלאַ זשאַפּאַ פֿראַזע. שפּאַ. צוגאָב, צולאָג,
־---
.

וואָס דער קרעמער גיט דעם קונה איבערבײַס,
צובײַס, טרינקגעלט = קpa[ya]. ,,.... און נאָך
דערצו אַ פֿרײַנדלעכן שמייכל אַלס אַ, זש,“, מ.
אלפּערסאָן, דרײַסיק יאָר אַרגענטינע
אַל אַהר — [אייל אַכער] דער. <שמות, לד, 14.
אַן אַנדער גאָט. [לויט דער מסורה איז דער
'ר, [רייש] רבתי, גרעסער ווי די אַנדערע
אותיות, כּדי מע זאָל ניט מאַכן אַ טעות און
אַרויסריידן אחד.] ,,יעקבֿ... ווי קומט דאָס ער זאָל
זיך בוקן צו דעם רשע [עשׂון], וואָס ער איז
געווען באַהעפֿט אין איין א אַ',,, נוצ, סד/ב.

,
אַל אָטאַוואַ — מוזט. איט. (אָנווײַז צו

שפּילן) מיט אַן אָקטאַווע העכער אָדער נידעריקער.

1355
אָלאָטע'טשע(נע) — די, ־ס. ־oo]:   .
re.. פּלאַץ וואָס איז הויל, ניט־באַבויט. ,,דאָרטן

וואו אונדזער שטוב איז געשטאַנען איז איצטער
אַ וויסטע אָ',,, ה. אַקערמאַן, טמז, 6 1968 I.
אַלאָטראָ'פּ — דער, ־ן. <איי <גר. (כעמיע)
פֿאַרשיידענע און אין דער נאַטור פֿאַראַנענע
פֿאָרעם פֿון אַ כעמישן עלעמענט. בּרענקויל,
גראַפֿיט און צעמענט זײַנען אַ'ן פֿון קוילנשטאָף,
קאַרבּאָן. ־יע — די. וואַריאַציע פֿון אַ'ן.
—יזם — פּרינציפּ, יסוד פֿון אַלאָטראָפּיע.
־יש — אַדי.
אַלאיזנדיק — אַדי. נעאָל. וואָס א י ז
אַלעמאָל, אומעטום. ,,מאַמע־ווײַבּ... אויפֿהאַלטערין,
געווינערין, בּאַשיצערין, אַ'ע“, לע, פֿאַבּיוס לינד.
אַלאייבּיק — אַדי. וואָס איז גילטיק פֿאַר
אַלע צײַטן. ,,... דעם אַ'ן וואונטש צו ווערן זײַן
אַזוי ווי קינדער,,, שנ וועגן יודישע שרײַבּער II.
־יקייט.
אַלאייראָפּעאיש — אַדי. וואָס איז פֿון
(פֿאַרן, אין) גאַנץ אייראָפּע. אַ'ע קאָנפֿערענץ.
,,... געקומען צו שותּפֿיש־אייראָפּעאישע און
אַ'ע בּינדונגען און פֿאַרפֿליכטונגען,,, מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן. ־קייט.
אַלאַ לייבּ   פֿראַזע. אופֿן פֿון אַן
אַזאַרט־־־.
שפּיל (קאָרטן). ,,... גייט די לעצטע האַנט

אויך 'בלינד', ווערט דאָס אָנגערופֿן אַ, ל',,, שע, גלות דאַטשע.

אַלאַמאָ — דער, ס. שפּאַ. טאָפּאָלבוים. ,,ביי די ראַנדן אויסגעשטעלט די אַ'ס אין רייען“, יצחק בלומשטיין, אַנטאָל, פֿון ייִד, ליט, אין אַרגענטינע, ב,,א 1944. ־עדע — אַלייע פֿון טאָפּאָלביימער.

אַלאַ מאָד — ← אַ לאַ, פֿראַזע פֿר. פּונקט

.

ווי ס'איז די מאָדע. ,,אין וואָס באַשטייט זשע זייער ליבעראַליזם? אין דעם וואָס זיי פֿוצן זיך שבת אויס מיט היט אַ, מ'... און שפּילן דעם גאַנצן ווינטער אין אָקע“, קמ, 3 1870' No. אַ'־מ'יש — אַדי. זיך קליידן אַ'־מ'.

אַלאַ מאַרטשיאַ — מוזט. איט. אין טעמפּאָ פֿון אַ מאַרש.

אַלאָמאָ'רף — דער, ־ן. <איי <גר. 1. (כעמיע) איינע פֿון צוויי אָדער מער פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער זעלבער כעמישער פֿאַרבינדונג. 2. (לינגוו,) איינע פֿון צוויי אָדער מער פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער מאָרפֿעם מיטן זעלביקן ב. ־ער און ־ן זײַנען אַ'ן פֿון מערצאָלמאָרפֿעם ־יזס ־יע. [פֿרגל אַלאָטראָפּ].

. .

אַלאַמ ברע — די, ־ס. פּפֿ. ־בראָדע. שפּאַ

.

[דראָט = re□ [lam□I. צוים, אַרומצוימונג פֿון
דראָט אַרום אַ הויז אָדער פֿעלד פֿון יענער

.,,
זײַט אַ, האָט זיך געפּאַשעט סקאָט“, נח וויטאַל,
שטאָט און פֿעלד.
־ברירן — טרוו. אַ, די טשאַקרע —
אַרומצוימען מיט דראָט דאָס פֿעלד. „ווײַל קיין
אַלאַמבּירטע אָדער אַרומגעצוימטע
פֿאָרטערעראָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען,,, מ
אַלפּערסאָן, דרײַסיק יאָך אַרגענטינע.

אַלאָע
אַל־אמונה — [אייל־עמונע] דער. <דבֿריס, לבֿ,
4. [סוף פּסוק: 'ואין עול, צדיק וישר הוא'.]
אַ גאָט פֿון געטרײַשאַפֿט', תּי [דה ערלעכקייט;

,
דריקט אויס די עטישע שלימות פֿון באַשעפֿער
און אַז די וועלט איז געשטעלט אויף
מאָראַלישע יסודות]. „עס גשיכט [= געשעט] איינם
קיין און רעכט [= אומרעכט], ער הייש̇ט א'־
א,,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פּפֿדמ
תּמ“ה?, עח/א.

אַלאָמער יזם — דער, ־ען. (כעמיע) בײַטעוודיקייט אין כעמישן באַשטאַנד בײַ דער זעלביקער פֿאָרעם פֿון קריסטאַליזירונג ־יש — אַדי.

.

אַלאַמעריקאַניש — אַדי. וואָס איז עכט, אינגאַנצן אַמעריקאַניש. אַ'ער אײַנשטעל ־קייט.

.

אַלאַמעריקאַנער — אַדי. וואָס איז פֿון (אין) גאַנץ אַמעריקע. אַ, קאָנפֿערענץ.

אַל־אמת — [אייל־עמעס] דער. <תּהלים, לא, 6. 'גאָט געטרײַער', תּי. 〈א'־א'! ווי אַזוי קאָנסטו צוזען ווי דער שקר געוועלטיקט אַזוי שטאַרק אויף דער וועלט?״, א. מאָרגענשטערן, עגל הזה〉, וואַרשע 1898.

אַלאָן — דער. בּא. דזוו אַלוין ←. „אַז די מערידן טוען אים שטאַרק ווײ... נעמען 4 העלער אַ, און עס גוט צעקלאַפּן, און פֿאָר 4 העלער בלײַעסיק, דאָס אַרײַנגעבן אין אַ האַלב ליטער וואַסער און גוט דורכמישן... צולייגן אויף דעם אָרט פֿון שמערץ״, א. שפּערלינג, ליקוטים, לעמבערג תּרס„ט.

אַלאָני'ם — דער, ־ען. <איי <גר. אַנדער

,

נאָמען'. נאָמען פֿון אַן אָנדער מענטשן וואָס אַ

מחבר נעמט אָן בײַם אָפּדרוקן זײַנס אַ ווערק.
פּרגל פסעוודאָנים ־יש — אַדי.

.

אַלאַני'ן — דער, ־ען. (בּיִאָכעמיע) זײַערס, קריסטאַליש, אָן אַ קאָליר, צעגייט אין וואַסער. אַ, געפֿינט זיך אין פּראָטעאינען. ווערט געשאַפֿן סינטעטיש.

אַלאַנער — די. בּמ. נאָמען פֿון אַ שבֿט נאָמאַדן פֿון צפֿון־קאַווקאַז. „... און, עשׂ גינג דשׂ פֿאָלק אַלאַנים צו זײַנם לאַנד און, דער קיניג דיז לאַנדשׂ אַררט דער קערט אויך ווידר אום מיט אַל זײַנס פֿאָלק„, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

אַלאָנערקענט — אַדי. וואָס איז אָנערקענט פֿון אַלע(מען). אַן אַ'ער אויטאָריטעט ־קייט.

.

אַלאָנקע — די, ־ס. <? אייבּערשטער טייל פֿון זאָק, לאָקל (ווילקאָווישק. אַליטע?).

אַלאַסאַ'ן — דער, ־עס. שפּאַ. קאַשטאַן פֿערד

מיט אַ רויטלעכער [על. „בּינד צו דעם אַ, אויף אַ שטריק“, בּ. בּענדערסקי, אויף אידישע פֿעלדער, בּ"א 1931.

אַלאַסקאַ — גנ. האַלבּאינדזל אין צפֿון־מערבֿ
פֿון אַמעריקאַנער קאָנטינענט פֿאַרנעמט אַ שטח

.

פֿון 1,518 ,700 קוו, קמ'. זינט 1959 — 49סטער
שטאַט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון
צפֿון־אַמעריקע [1960,226 — l67 אײנוו', 190 ייִדן].
אַלאָע — די, ־ס (־ן). >איי >גר. 1. (
בּאָטאַניק) געוויקס פֿון טראָפּישן קלימאַט מיט

אַלאָפּאַטיע

ליליע־בּלומען. וואַקסט אין קליינע קוסטעס און
אויך בּוימפֿאָרעמדיק בּיז
20 מעטער הויך.
געניצט אויך דעקאָראַטיוו.
תּי פֿאַרטײַטשט 'כּאָהלים
נטע ד, (בּמדבּר, כד, 6):
,,ווי אַ'ן וואָס גאָט האָט
געפֿלאַנצט“ פֿון זאַפֿט

.

פֿון ד אַ'־בּלעטער בּאַקומט מען אַ בּיטערן
ְ
אָפּפֿירמיטל. 2. אַ געווירץ בּאַקענט זינט
אַנטיקע צײַטן; אַ פֿולווער פֿון געטריקנטן קליי

פֿון אַ־בּוים. תּי פֿאַרטײַטשט 'מר ואהלות,
(תּהליס, מה, 9): „מירע און אַ'ן“. „... ווײַרעך
און אַ, און די בּעסטע פֿון געווירצן“, פּרץ
איבּז, 'שיר־השירים'. „... צוריקוועגס פֿירן זיי
מאָשוס, אַ'... און אַנדערע פּראָדוקטן פֿון די
מזרח־לענדער„, זק איבּז, שד ? I. אַ, ס ו ־
ק אַ ט ר י נ ע — אַ, פֿונעם אינדזל סאָקאָטראַ
(אַדען). “(דיזור מאגין לאַקסיר ווירט אַזו
גימאַכט) נעם אין דר אַפּטיק איין לויט (אַלאָעס
סוקאַטרינאַ) זאַפֿרין: (אַגאַריקוס),... איטליכשׂ
איין הלבֿ קווינט“, סור II, כג/א.
אַלאָפּאַט יע — די. בּא. <איי <גר.
סיססעם בּײַם היילן לויטן פּרינציפּ אַז היילמיטלען
דאַרפֿן אַרויסרופֿן פֿאַרקערטע סימנים ווי די
קראַנקייט (אין היפּוך צו האָמעאָפּאַטיע). “צו
דער האָמעאָפּאַטיע בּאַציט זיך פּראָפֿ, בּיר ניט
מיט דעם בּיטול, מיט וועלכן עס בּאַציט זיך צו
איר די אַ'“ פֿגעז, ווילנע 15 1929, No.

אַלאָפּאַ'ט — דער. „צוּוואָס האָט מען
געדאַרפֿט מחלל שבּת זײַן, לויפֿן צו צוויי
דאָקטוירים, צום האָמעאָפּאַט און אַ'? קאָנסיליום
וועלן זיי דאָך נישט מאַכן, וואָרום איטלעכער
גייט נאָך זײַן סיסטעם“, קמ, 28 1865, No.

־יש — אַדי.

אַלאַ פּאָלאַקאַ — מוזט. איט. אויפֿן פּוילישן שטייגער, אין טעמפּאָ פֿון אַ פּאָלאָנעז.

אַלאָפּהענגיק — אַדי. אינגאַנצן אָפּהענגיק, אַ באַשלוס, אַ, נאָר פֿון דעם לידער ־יקייט.

.

אַלאָפּלאַזם — דער, ־ען. (ביִאָלאָגיע) טייל פֿון פּראָטאָפּלאַזם וואָס איז דיפֿערענצירט דורכצופֿירן אַ ספּעציעלע פֿונקציע, למשל זיך צו באַוועגן.

אַלאָסעציע — די, ־ס. <איי <גר. (פּאַטאָלאָגיע) דאָס פֿאַרלירן די האָר מחמת אַ קראַנקייט.

אַלאָפֿאַ'ן — דער, ־ען. <איי <גר. מינעראַל, סיליקאַט פֿון אַלומיניום, מיט בלויער, געלער, גרינער באַפֿאַרבונג. ווערט געניצט ווי אַן אָפּפֿירמיטל.

אַלאָפֿאָ'ן — דער, ־ען. <איי <גר. (פֿאָנעטיק) 'אַנדער קלאַנג'. וואַריאַציע פֿון אַ פֿאָנעם אין ספּעציעלע פֿאַלן. „... ניט קיין פֿאָנעמען פֿאַר זיך, נאָר אַ'ען פֿון איין פֿאָנעם“, מוו, ייִבל I ⌷ XI, 122 ־יש — אַדי.

.

אַלאָפֿן — אַדי. נעאַל. וואָס איז אינגאַנצן אָפֿן,

צעעפֿנט. „ער האָט דורך אַ'ענע אויגן פֿון לעבן

1356

געקוקט אויף מײַן שלאָף און אויף עפּעס
געוואַרט“, הל, 'אין חלום'.
אַלאַק — דזוו אַלעלאַק ←. „מע מאַכט ניט
קיין המוציא נאָר אויף בּרויט פֿון פֿינף
מינים...: ווייץ, גערשטן, האָבּער, קאָרן, אַ',„
ספֿר מקור הבּרכה, מונקאַטש תּרנ“ה.
אַלאָקאַזיע — די, ־ס. (בּאָטאַניק)
טראָפּישער געוויקס פֿון מזרח־
אינדיע (הויך בּיז 5 מעטער),
מיט גרינע בּלומען פֿון דער
אָרכידייען־פֿאַמיליע. די
גרויסע, צוגעשפּיצטע בּלעטער
פֿון אַ, עסט מען
געקאָכטערהייט (רויערהייט זײַנען זיי
גיפֿטיק).
אַלאַ קאַזשע פֿראַזע. שפּאַ. 'אויף דער
□ ---.
גאַס'. אָנווערן אַלץ וואָס מע האָט פֿאַרמאָגט.
„... ער בּלײַבּט דאָך, מײַן בּרודער, פּשוט אַ,
ק'“, ח. גאַלדשטרײַך, 'אין איינעם אַ טאָג„

אַנטאָל,..., בּ״א 1944.
אַלאַ קאַפּעלאַ — מוזט. איט. (קאָמפּאָזיציע)
פֿאַרן כאָר, אָן אינסטרומענטאַלער בּאַגלייטונג.
אַלאָק▯אַציע — די, ־ס. <איי <ל
פֿאַר.
טיילונג, צוטיילונג, בּאַווייליקונג פֿון אַ
פֿאַרגיטיקונג. דאָס בּאַשטימען אַ טייל פֿון
אַלגעמיינעם בּודזשעט פֿאַר אַן אינסטיטוציע. אַ, פֿאַר
די געליטענע פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג. אַ, פֿאַר
דעם מושבֿ־זקנים. אַ, פֿאַר די פּליטים פֿון דער
מלחמה־זאָנע. „דעריבּער האָבּן זײַנע... לעצטע
אַ'ס ניט געפֿירט צו קיין צוועק״, קמ, 1866,
No 44.
־ירן — טרוו. אַ, דאָס געלט פֿון
הילפֿספֿאָנד.
אַלאַ קאַ'רט — ← אַ לאַ'.
אַלאָקוציע — די, ־ס. <איי <ל. קורצע
רעדע, אַרײַנפֿירוואָרט אין אַ פֿײַערלעכן טאָן.
עפֿענען דעם צוזאַמענפֿאָר מיט אַן אַ'.
אַלאַ קלאָ'ש — ← אַ לאַ'.
אַלאַרגאַנדאָ — מוזט. איט. בּהדרגהדיק
פֿאַרלאַנגזאַמט און פֿאַרשטאַרקט דעם טאָן.
אַלאַרוי'ן — דער. פּפֿ: אַלדרוין, אַלדרון.
דזוו אַלרוינע ←. „און ער [ראובֿן] פֿאַנד אַלאַ

רוין אים ועלד [= פֿעלד] און ער בּרויכט [=
געבּראַכט] זיא צו לאה... און, זיא זאָגט רחל צו
לאה: גיבּ נון צו מיר פֿון אַלדרוין... דוא
ווילשׂט נעמן אויך אַלדרון מיינשׂ זון,,, טח,
בּראשית, ל, 14־15.

אַל ארך־אַפּים —[אייל ערעך־אַפֿאַייִם] <שמות,
לד, 6. 'גאָט, איַינגעהאַלטן אין צאָרן', תּי.
[אָנהייבּ און סוף־פּסוק: ה', ה, אַל רחום
וחנון... (←) ורבֿ חסד ואמת.] 1. איינע פֿון
די דרײַצן מידות פֿון גאָט. [ווערט
איבּערגעחזרט אויך אין בּמדבּר, יד, 18, מיט געוויסע
שינויִם. לויט אבֿן־עזרא איז אַל די דריטע
מידה, ארך אפּים — די זעקסטע; די גמרא זאָגט
אַז א, א, בּאַציט זיך אויך צו רשעים, עירובֿין,

אַלאַר(ע)ס

כב/א.] ,,געוואַלד, גאָטעניו, דו בּיסט דאָך עפּעס
אַן אַל א אַ',,, שע, דאָס גרויסע געווינס.

'

2. לעצטער פּאַראַגראַף פֿון תּחנון, וואָס מע
זאָגט פֿאַר קר אַת־התּורה יעדן מאָנטיק און
דאָי

נערשטיק (אַחוץ ראָש־חודש, ערבֿ־פּסח, תּשעהבּאָבֿ, ערבֿ־יום־כּיפּור, חנוכּה, י,,ד־ט,,ו אָדר א, און אָדר ב'). "דערנוך [זאָגט מען] 'ואַנחנו לא נדע, און האַלבּ קדיש און א, א'־אַ, און, היבּט אויס... און, לייאט וואוכן־סדרא", ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ה/א.

3. תּפֿילה וואָס מע זאָגט פֿופֿצן מאָל (אין טראַדיציאָנעלן מחזור) יום־כּיפּור צו נעילה.

4. "[תּחינה] וואָשׂ מן אַלי שלוש רגלים זאָגט ווען מן אויף היבּט", נייאי תּחינות ובקשות, פֿיורדא תּק"ד. [נוסח אין 'סימני התחינות, — וועגן דער תּחינה גופֿא: "די שינה תּחינה זאָל מן מתפּלל זײַן אַלי שלש רגלים ווען מן אויז נעמט".]

אַלאַרמירן — טרוו. ־מיר, אַלאַרמירט. 1. וואָרענען קעגן אַ סכּנה. ,,איטלעכער טאָג האָט געהאַט זײַנע זאָרגן... ווייטאָגן און קראַנקייטן, און מע האָט באַדאַרפֿט כּסדר אַ', טײַטלען מיטן ינגער אויף דעם טאָגס זאָרג,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן 2 .I. דערמאָנען, וועקן. אויפֿרודערן. אַ, די וועלט. אַ, צום ווידערשטאַנד. "די צײַט וואַרט ניט און מע מוז אַ, אויף אַלע גלאָקן", שטריגלער.

אַלאַרמירט — אַדי. די אַ'ע אַרמיי. אַן אַ'ע

שטאָט. ־קייט. אַ'דיק — אַדי. ־דיקס
— עפּעס וואָס אַלאַרמירט. „אין מוקדוניס
שרײַבן איז פֿון אָנהייב אָן געווען און איז נאָך
הײַנט פֿאַראַן — עפּעס אַ'ס„, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II.

אַלאַר(ע)ם — דער, ־ס. <איי <איט. אויך:
אַליאַר(ע)ם. 'צום געווער'. 1. קלאָרע
וואָרענונג, (הילכיקער) אָנזאָג פֿון אַ נאָענטער
סכּנה. געבן (שלאָגן, קלאַפּן) אַ'. “עס איז
געוואָרן אַ גאַנצער אַ'„, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן,
המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. אַ'־ג ל אָ ק —
שטאָטישער (מיינסטנס קלויסטער־)גלאָק, וואָס
זײַן קלינגען זאָגט אָן אַז עס האָט אויסגעבראָכן
אַ שׂריפֿה אָדער עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער סכּנה.
„פֿריידיקט פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליכט און
ציט די אַ'־גלאָקן... צו טאָן אונדזער פֿליכט„,
ד. עדעלשטאַט, פֿאָלקס־געדיכטע, נ„י 18▯5.
“... די קלאַנגען... האָבן זיך אַלץ ווײַטער
געטראָגן... ווי אַ באַנאַכטיקער אַ'־גלאָק“, ש.
האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'. אַ'־פּ ו י ק. אַ'־
ס י ר ע נ ע אַז דער שׂונא מאַכט אַ לופֿטאַטאַק.
„פּלוצלינג אַ, און שנעלער... עס שרײַט די
סירענע, מיר לויפֿן“, סעג, אַ בוים פֿון פּוילן.
2. אויפֿברויז, טרעוואָגע. אָנשרעק. זײַן אין

אַ צושטאַנד פֿון אַ'. איבערלעבן אַן אַ,. (אַ נ ־
ט י) ל ו פֿ ט־אַ'. אַ'־ק אָ מ פ אַ ס. אַ'־ר ו ף.
אַ'־ש אָ ס. אַ'־ש ל אָ ס.
אַלאַרמIיסט — דער. ווער עס האָט די
נייגונג צו קלאַפּן אַלאַרעם, אַרויסצורופֿן אַ
פּאַניק אָן באַזונדערער סיבה דערצו ־יזס —
.
דער.

אַל אַשר תלכי

אַל אַשר תלכי — אלך — [על אַשער
טיילכי — אײליײך] זאַץ. תּח. <רות, א, 16.
,וואוהין דו וועסט גיין — וועל איך גיין', תּי.
[דאָס האָט געזאָגט רות צו איר שוויגער נעמי.]
געניצט ווי אַן אויסדרוק פֿון גרויס פֿרײַנדשאַפֿט,
ליבשאַפֿט און צוגעבונדנקייט, ווען צוויי
מענטשן קענען זיך ניט שיידן.
אַלבּ — <ל. אין באַשטאַנד פֿון אַ צאָל
אינטערנאַציאָנאַליזמען. בּ: ווײַס.
אַלבּאַ־ — אין אַלע ווײַטערדיקע

אַדיעקטיוון — גיט אַל־ צו די בּבּ:
אינגאַנצן אָדער פֿון אַלעמען.

אַ'איַינפֿלוסט	אַ'לוינט
אַ'אַרבּעט	אַ'ליבּט
אַ'גאַבּט, דטשמ.	אַ'ליידיקט
אַ'גיטיקט	אַ'מיסטיקט
אַ'גײַסטערט	אַ'נומען
אַ'גלייבּט	אַ'נײַט
אַ'גלייט	אַ'עוולט
אַ'גליקט	אַ'ערט
אַ'גליקנדיק	אַ'פֿאַלן
אַ'גנעדיקט	אַ'פֿולמעכטיקט
אַ'גריסט	אַ'פֿלאַנצט
אַ'גרענעצט	אַ'פֿעסטיקט
אַ'דאַנקט	אַ'פֿרידיקט
אַ'דויערט	אַ'צוואונגען
אַ'האַוונט	אַ'צויבּערט
אַ'הערשנדיק	אַ'קאַנט
אַ'הערשעריש	אַ'קלאָגט
אַ'וואונדערט	אַ'קלערט
אַ'וואוסט	אַ'קעמפּט
אַ'וואַכט	אַ'רויבּט
אַ'וואָרנט	אַ'רעדט
אַ'וויזן	אַ'רימט
אַ'וויינט	אַ'רעכטיקט

אַ'וויליקט אַ'רעכנט
אַ'ווירקט אַ'רעמהאַרציק
אַ'זאָרגט אַ'שאָנקען
אַ'זונגען אַ'שוואָרן
אַ'זײַטיקט אַ'שולדיקט
אַ'זעצט אַ'שטימט
אַ'השבּונט אַ'שטריטן
אַ'טאָנט אַ'שיצט
אַ'טיטלט אַ'שירעמט
אַ'טראַכט אַ'שלאָסן
אַ'טריבּט אַ'שמוצט
אַ'לאַגערט אַ'שפּײַזט

אַלבּאַטע — די, ־ס. <איי <ל. אויך: דײַטשישער זילבּער. געשמעלץ פֿון ניקל, קופּער און צינק.

אַלבּאַטראָ'ס — דער, ־ן. <איי <שפּאַ, פּאָרטוגעזיש. קרעפּטיקער שווימפֿויגל, גרעסטער ים־פֿויגל פֿישפֿאנגער. האָט פּראָפּאָרציאָנעל אַ

. —

גרויסן קאָפּ און אַ לאַנגן שטאַרקן שנאָבּל, אויסגעקרימט אויף אַרונטער, איז ווײַס, אַמאָל מיט איינציקע שוואַרצע פֿעדערן. זײַן נעסט בּויט ער אויף פֿאַרוואָרפֿענע אינדזלען. דער אַ,

פֿליט נאָך די
שיפֿן הונדערטער
מײַלן און נערט
זיך דערבײַ אויך
מיט אַלערליי
אָפּפֿאַלן. „ווער עס
שיסט אויף אַן אַ, ברענגט אויף זיך אומגליק“,
פֿאַרשפּרייט גלייבעניש. „אַ„ אַ', דײַן גוף —
פּערלמוטער, בראָנדז דײַנע פֿליגל, וואַסער און
הימל דײַן אויג„, א. שומיאַטשער, אין שעהען
פֿון ליבשאַפֿט.

אַלבאָ'ם — דער, ־ען. אויך: אַלבום. <איי
<ל. 'ווײַסע זאַך'. [בײַ די אַנטיקע רוימער:
ווײַסער טאָוול וואָס אויף אים פֿלעגט מען
אויפֿשרײַבן מיט שוואַרצע טינט די אָפֿיציעלע
מעלדונגען פֿון דער מאַבט.] בוך פֿון
ניטבאַשריבענע בלעטער באַשטימט פֿאַר אַלערליי
פֿאַרנאָטירונגען, געלעגנהייט־לידער,
צייכענונגען פֿאַר אַ זאַמלונג פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס,
בריוו,
מאַרקעס אע. „זי האָט פֿאַרלאַנגט אַז איך זאָל
אָנשרײַבן אַ שיר אין איר אַלבום“, סעג, מײַנע

זיבן יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ, בּ״א 1947. „דעם
פֿאָרטרעט פֿון ליִעווער עלטערפֿעטער, האָט מײַן
באבע פֿון משפּחה אַ״, יעקבֿ פֿרידמאַן,

ליבֿ

שאַפֿט, תּל־אָבֿיבֿ 1967. „און זיי בלעטער עפּעס
אַ שווערן אַ, מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס״, ייִז, '
קלעפּיק'. „מיר זײַנען בלויז אַ פֿאָלק פֿון בוך, אַן
אַלבום־פֿאָלק געוואָרן״, יהואָש, אַן
אַלבום,
פֿאַלק'. קאָלירט אַ'־פֿאַפּיר —יש — אַדי. אַ'ע

.

פֿאַרצייכענונגען.
אָלבאַני — גנ. אַדמיניסטראַטיווער צענטער
פֿון דעם שטאַט ניו־יאָרק אין די פֿאַראייניקטע
שטאַטן פֿון צפֿון אַמעריקע, זינט 1798 [1969 —

-

-

l29,726 איינוו,, 13,500 ייִדן].
אַלבּאַני'ל — דער, ־עס. שפּאַ. מוליער,
מויערער. ,,זיי האָבּן אין מאָניגאָלעס אָנגעטראָפֿן
אַן אַ,“, מ. אַלפּערסאָן.
אַלבּאַנ יע — גנ. בּאַרגיק לאַנד, מערבֿ־זײַט
פֿון בּאַלקאַנישן האַלבּאינדזל, בּײַם אַדר אַטישן
י
ים פֿאַרנעמט אַ שטח קרובֿ צו 200'000 קוו,
— .
קמ'. הויפּטשטאָט טיראַנאַ [1966 — 1,8l4'0O0
א▯נוו', 300 ייִדן]. ־יש — אַדי. אויך: סובּ —
דאָס. די שפּראַך פֿון די אַײנוו, פֿון אַ, ־ער —
.

דער.
אַלבּאַס▯טער — ← אַלאַבּאַסטער. “
בּלאַנקעןווײַס ווי אַ'“, בּרידער גאָרדין, יונג־מענטש,
ווילנע 1913. ־טערן — אַדי. נעאָל ,,אין
אַ'ער וויג רעגנט גאָט זײַן ליבּשאַפֿט אַרײַן“,
יעק▯ פֿרידמאַן, ליבּשאַפֿט.
אַל בּאַפּך תוכיהני — [... בּי אַפּכאָ
טויכיי
כייני] זאַץ תּח <תּהלים, ו, 2. 'ניט אין דײַן

כּעס זאָלסטו מיך מוסרן', תּי. "וואָס קאָכסטו זיך אַזוי, אַ, בּ, תּ'".

אַלבּאַשאַפֿער — דער. מצ נבּ פּפֿ:

אַלבּאַ

שעפֿער. בּאַשעפֿער פֿון אַלץ. „וואָס מער אַ בּשׂר־ודם... בּאַנעמט דעם פֿאַרנעם פֿון דעם וועלטאַל... אַלץ מער בּאַנעמט ער די גרויסקייט פֿון אַ,", מ. גראָסמאַן היימיש פֿעבּר,

,

.1959

אַלבּינע

אַלבּומאָ'ז — דער, ־ן. (בּיִאָכעמיע) צונויפֿבּונד פֿון פּראָטעאינען, אַלבּומינען, מיט דער הילף פֿון פּראָטעאָליקטישע ענזימען.

אַלבּומי'ן —דער, ־ען. <איי <ל. (בּיִאָכעמיע) אייוויַסל־שטאָף. פֿאַרשפּרייט אומעטום אין דער נאַטור, ספּעצ אין די געוועבן און פֿליסיקייטן פֿון בּעלי־חיים און געוויקסן. אַ, איז אַ טייל פֿון דער גרויסער גרופּע פּראָטעאינען וואָס זיַינען אַן עיקרדיקער בּאַשטאַנדטייל פֿון יעדער לעבּעדיקן אָרגאַניזם און געוויקס. „... מע בּאַדעקט עס מיט אַ וויַיסע כעמישע מאַסע, וואָס

באַשטייט פֿון דעם זעלבן אַ, ווי דאָס ווײַסל פֿון
נאַטירלעכע אייער“, בלעטער, No 5. “די סלינע
באשטייט פֿון וואַסער און פֿון אַ קליינעם
— ...
חלק אַ'... אויף פּראָסט יידיש ווײַסל פֿון
אַן איי. אין דעם אַ'... איז נאָך דאָ אַ ביסל
סאָדע“, וו. און ס', איבז, די מע ה פֿון דעם
שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869. אַ'־ו ו אַ ־
ס ע ר — „שלאָגט אויף די ווײַסל פֿון אַן איי
מיט אַ האַלבע גלאָז וואַסער און 2 לעפֿל
אַפּעלצינע־זאַפֿט. אַ לעפֿעלע האָניק מאַכט עס פֿיל
געשמאַקער„, מישולאָוו, וועגעט, קאָך־בוך, נ„י
.192
־וריע — (פּאַטאָלאָגיע) מצבֿ ווען מע
געפֿינט אין אורין איבעריקן אַלבומין. „אַ'... איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר נירן אַנטצינדונג“, 'טאָז,
-

-

שריפֿטן, וואַרשע 1929.
אַלבומען — דער, ־ס. <איי <ל 1. ווײַסל

פֿון איי. 2. (באָטאַניק) שפּײַז אַרום דעם
עמבריִאָן וואָס אין אַ קערנדל. 3. דזוו
אַלבומין. „אַ, — אַ זייער קאָמפּליצירטער אָרגאַנישער
שטאָף, געפֿינט זיך אין בלוט און בילדעט די
ווײַסל פֿון אַן איי“, ס. פֿײַנסטאָון, כעמיע,
נ“י 1920. ־ייש — אַדי.

אַלבּאָ'ן — צונאָמען פֿאַר ענגלאַנד (געווײנלעך
מיט ביטול אַדער מיט אַן אַנדער מין
אומצופֿרידנקייט).

אַלביגענזער — מיטגליד פֿון אַ קאַטוילישער
סעקטע אין דרום־פֿראַנקרײַך, אין לאַנגעדאָק,
פֿון 11. ביזן 13. י„ה. אויסגעהרגעט געוואָרן
בײַ אַ ספּעציעלן קרייצצוג קעגן דער סעקטע,
און די רעשטלעך ▯אָט אומגעבראַכט די
אינקוויזיציע.

אַלבּי ניזם — דער. בּא (פּאַטאָלאָגיע) '
אײַנגעבוירענע ווײַסקייט'. ווער עס האָט פֿון דער
נאַטור אַן אומנאָרמאַל־ווײַסע הויט, ווײַסע האָר
און קרענקלעכע ווײַס־רויטע אויגן. ־נאָ —
דער, ־ס. “אַ'ס, די מענטשן וועלכע פֿאַרמאָגן
ניט די דאָזיקע אייגנשאַפֿט [צו פּראָדוצירן אַ
שוצשטאָף קעגן שעדלעכע ליכט־שטראַלן]

בלייַבן ווײַס אַפּילו ווען זיי בּרענען זיך אויף דער זון" ‏געז, ווילנע 15 1929, No ‏"די העלע

,

אויגן האָבּן געשמייכלט הינטער די ווײַסלעכע בּרעמען מיט דעם בּלינדלעכן שמייכל פֿון אַן אַ'", בּאַש, גימפּל תּם, נ"י 1963 —ניסט.

.

־נימטיש. ־ניש — אדי

אַלבּינע — די. מצ נבּ <אַל‏—.בּינע. נעאָל. בּינע וואָס נעמט אַלץ אַרום. „די וועלט איז

אַל בּינתך אַל תשען

אַן אַ, און מיר די סטאַטיסטן. אויף דער אַ, זײַנען קיין העלדן ניטאָ".

אַל בּינתך אַל תשען — [על בּינאָסכאָ.. ‏טישאָאיין] זאַץ. תּח. <משלי, ג, 5; אָבֿות, ד, יח. 'אויף דײַן פֿאַרשטאַנדיקייט זאָלסטו זיך ניט אָנלענען', תּי. „זײַ זיך מיישבֿ מיט אַנדערע, א, בּ, אַל ת, — דו קענסט נאָך חלילה אַרײַנפֿאַלן".

-

אַלבּ״ם־לשון — [אַלבּאַם־לאָשן] דאָס. נאָמען
פֿון אַ קאָמבּינירטן אַלף־בּית, געניצט וו אַ
,
פֿאַרשטעלטן שריפֿט. די אותיות זײַנען
אויסגעשטעלט אין צוויי פּאַראַלעלע שורות. די
ערשטע עלף אותיות פֿון א, בּיז כ, — אויבּן,
די איבּעריקע עלף פֿון ל, בּיז ת, אונטן:

א | בּ | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ

ל | מ | נ | ס | ע | פ | צ | ק | ר | ש | ת

און מע פֿאַרבּײַט די אותיות פֿון דער ערשטער
שורה מיט די אותיות פֿון דער צווייטער. „מיר
וועלן מ[אַ]כין קיניגן אין ל[אַ]נד יהודה דעם
זון פֿון טבאל... טבֿאל איז אין אַ'־ל, רמלא,
כּלומר זיא זאָגטן (פֿקח בּן רמלא) ווילן זי מכן
קינגן“, סהמ, ישעיה, ז, 6.
אַלבּעטשע פֿטמ. אַמ. אופֿן אַרויסרעדן:
.--
אײַ (וויל)־בּעט־יו. I will bet you. בּ: איך
וועט זיך מיט דיר (אײַך). איך פֿאַרזיכער אײַך.
״אַ אַז ער וועט מיט דעם פֿערד... בּעסער
,

אויסקומען ווי מיט דעם בורמילע“, י. מעצקער,
אָר, 1967 X 1.
אַלבּעסטער — אַדי. נעאָל סאַמע בעסטער.
אַלגרעסטער.
אָלבּער — אַדי* אַרכ. מייִ. albern: .
תּמעוואַטע, נאַריש. „ער גיט הריין און שטעלט
זיך אַז ווען ער איין צדיק ווער, אַז ווער ער
קיין דרײַא קענט צילן, אַזו אולבּר שטעלט ער
זיך אַן“, לט1, קיט/א.
אַלבּערײי'ט — אַדוו. אַרכ. Mhd: a1-be reite.
פּאַרטיק. גרייט. שוין. “אַז בּייא אובֿן בּאַך
גישעהן איז אַלבּרייט אַז ד ר זעלבּיג טראַף
זײַנן גיזעלן,„ ווינץ.
אַלבּערץ־טאָלער — דער. מצ ווי אצ. <
אַלבּערט+טאָלער. זילבּערנע מטבּע וואָס דער
ערצהערצאָג פֿון האָלאַנד אַלבּערט האָט געמינצט
סוף 16. י“ה און וואָס איז פּאַרבּליבּן אין
אומגאַנג אין אייראָפּע האַרט בּיזן 19. י“ה. “[אין
ריגע האָט אים אַן אומגליק געטראָפֿן, ער האָט
פּאַרלוירן אַ] וועקסל פֿון 1'500 אַ־ט'... ער
האָט געמוזט אין צײַטונג לאָזן זעצן און אין
דער פּאָליציי מעלדן“, מסדר אגרת, תקפ“ה.
אַלבּראָנדז — דער. בּא. אַ בעסערער סאָרט

בּראָנדז, אַ געשמעלץ מיט אַ גרעסערן צומיש
פֿון קופּער און קלענערער פּראָפּאָרציע פֿון
אַלומיניום און צינק.
אַלגאַזע'ל — די, ־ן. דזוו גאַזעל.
אַלגאָלד — דאָס. מצ נבּ ריין גאָלד, אָן שרם
צומיש. "די גאָלדענע זאַכן זײַנען אויך ניט אַ"".

1353

אַלגאָ▯מעטער — דער, ־ס. <איי <גר.
אינסטרומענט צו מעסטן דעם קלענסטן דרוק וואָס
רופֿט אַרויס א ווייטיק ־לאַגניע — (
פּסי— — .
כיאַטריע) פֿאַרגעניגן פֿון פֿאַרשאַפֿן אָדער לײַדן

-

ווייטיקן. סאַדיזם, מאַזאָכיזם. ־פֿאָביע —
אומנאָרמאַלע מורא פֿאַר אַ ווייטיק.
אַלגאַראַנטיע — די, ־ס. גאַראַנטיע
פֿאַר,
זיכערונג צו באַצאָלן פֿאַר אַלע מינים שאָדנס.
"מיר גיבּן אײַך אַן אַ': קעגן פֿײַער, קעגן
וואַסער, קעגן גניבֿות".
אַלגאָריזם — דער. בּא אַראַבּישע סיסטעם
פֿון אַריטמעטישע פֿאַרצייכענונגען מיט די

ציפֿערן. 1 — 9 און 0.
אַל גדול ונורא — [אייל גאָדויל ווייִנויראָ] דער.
>דבֿריס, ז, 21. 'גרויסער און פּאָרכטיקער
גאָט'. ,,נוא רבונו של עולם! דו ווייסט וואויל,
דאָז בלוט שרײַט צו דיר, דו בישט דער בורא,
און בישט גינענט א, ג, ו'", 'קינות איף
כמעלניצקיס גזירות', פּראָג 1648? [מוו, בילדער
פֿון דער ייִדישער ליט'־געשיכטע].
אַ'לגובערנ אַ'ל — אַדי. סאָוו. וואָס האָט אַ
י

שײַכות, וואָס נעמט אַרום אַ גאַנצע גובערניע.
אַן אַ'ע פּאַרטיי־באַראַטונג.
אַלגוזמאדיק — אדי. נעאָל. זייער שטאַרק
גוזמאדיק פֿאַרגוזמאט. "טעלעוויזיע גיט נײַסן
,
אַ', האַלט אין איין שרעקן דעם עולם".
אַלגוטינקסטע(ר) — >אַל▯־..גרט ▯—.ינק. וואָס
איז אינגאַנצן, זייער, סאַמע גוט. "מיר עלנטע
מענטשן פֿאַרשטייען ניט דאָס מינדעסטע פֿון דער
רעגירונג, דעם אַ'טן מיט אונדז", דער גרינער
דימאַנט, וואַרשע 1885.
אַלגיטיק — אדי. וואָס איז אינגאַנצן גוט.
דאַנקען דעם אַ'ן אין הימל. "דו ביסט דאָך

אונדזער איינציקער אַ'ער פֿאָטער“, י. טרובּניק, יוד, פֿאָלקסבּיבּל, I, קיִעוו 1888.

אַלגילטיק — אַדי. גילטיק אומעטום. “דער דאָלאַר איז אַן אַ'ע מטבּע„. ־יקייט.

אַלגינציק — אַדי. שטענדיק גינציק צו אַלעמען. מיטן אַ'ן שמייכל. —יקייט.

אַלגלייבּיק — אַדי. וואָס גלייבּט אַלעמען, גלייבּט אין אַלץ. „איר זײַט אַזוי ווי אַ'ע קינדער“. ־יקייט.

אַלגלייך — 1. אַדי. אינגאַנצן גלײַך. אַ'ע

בּירגער. ־קייט. 2. אדוו. אַרכ. ־Mhd: a1 gelîCh. בּכל־אופֿן. אין אַלגעמיין, בּכלל. “אַל גלײַך ווש האבּן מיר ווידר דיך גיטון“, שמואל בּוך, סטראָפֿע 175.

אַלגנעדיק — אדי. גנעדיק צו אַלעמען. צום אַ'סטן האַר.

אַלגע — די, ־ס (־גן). (בּאָטאַניק) געוויקס אויף דער אייבּערפֿלאַך פֿון וואַסערן אָדער אין די טיפֿענישן פֿון ימען. וואַקסט אַרויס פֿון אַנדערע געוויקסן אָדער פֿון בּאָדן פֿון

,

פֿעלדזן. וואַסער־שימל. ים־גראָז, וואַסער־גראָז. פֿעלדזן־גראָז. אַ־שוועמל. אַ'ס זײַנען

פֿאַרשיידנדיק. פֿון מיקראָסקאָפּישע,
איינקעמערל.

אַלגעוועלטיקן

דיקע, ביז גאָר
לאַנגע, אַזש ביז 1O0
פֿוס. אַ'ס גיבן צך
דעם וואַסער אַ
גרינעם, געלבלעכן, ברוי
נעם און אויך אַ
רויטלעכן קאָליר.
"אונטער דעם שניי
פֿון די אַרקטישע גע
גנטן וואַקסן
געוויקסן און אין די קאָכיקע וואַסערן פֿון פֿילע הייסע
קוואַלן לעבן בלויע אַ'גן", ש בלוס, דער בוים
פֿון לעבן, נ"י 1931. „דעם ערשטן אָנהייב פֿון
אַ זיווג־לעבן... בײַ פֿלאַנצן באַגעגענען מיר
שוין בײַ איניקע מינים פֿאָדעם אַ'גן... מיר
-

זענען [דורך אַ מיקראָסקאָפּ] ווי צוויי אַ'ס טרײַבן
זיך פֿריִער אַ געוויסע צײַט אַרום אין וואַסער...

בּיז זיי רירן זיך אָן", א. ש. זאַקס, דאָס לעבּן פֿון פֿלאַנצן.

־לאָ'ג — דער. ־לאָגיע — די. אַלגי'ן — דער. סובּסטאַנץ וואָס מע קריגט אַרויס פֿון (בּרוינע) אַלגעס. האָט אין זיך יאָד.

a by [allo]ן.,

אַלגע — די, ־ס. [al: .. (אין לשון פֿון קאַראַבּעלניקעס, דאָרפֿסגייערס, אין ליטע) שׂכירות. זיצן אַ וואָך בּײַם פֿויער, נייען און לאַטענען אויף אַ'. אַלגאַנוטיס — דער, ־ן. לוינאַרבּעטער (בּײַ אַ פֿויער).

אַ'לגעבּרע — די, ־ס. <איי <אַראַבּיש סיסטעם, צווײַג פֿון מאַטעמאַטיק וואָס פֿאָרשט שײַכותן און פּירט דורך אָפּעראַציעס איבּער צאָלן און גרייסן אין זייער אַלגעמיינער פֿאָרעם, זיך בּאַנוצנדיק מיט אותיות (פֿון לאַטײַנישן אַבּעצע) ווי מיט סימבּאָלן. עלעמענטאַרע אַ'. העכערע אַ'.

—אַ'איש — אַדי. (אויך: אַלגעבּריש).

1. וואָס איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו) אַלגעבּרע. אַ'ע גלײַכונג. אַ'ע געאָמעטריע. אַ'ע פֿאָרמלען. אַ'ע קרומע. אַ'ע ריי. 2. אַבּסטראַקט. „די

אורעלעמענטן פֿון לעבן זײַנען אייביקע אַ'ע
פֿאָרמולעס, ניט די זיך ענדערנדיקע קאָנקרעטע
דערשײַנונגען“, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I. „איז גלות אַן אַ'ער באַגריף. קאָנקרעט
האָבן מיר געהאַט פֿאַרשיידענע גלותן“, גרינ,
איד און וועלט
אַלגעהיים — אַדי. נעאָל. געהיים, בסוד פֿאַר
אַלעמען. “גאָר אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע
דאָקומענטן און באַריכטן מיט אַ שטעמפּל: אַ'“.
אַלגעוואונטשן — אַדוו. געוואונטשן פֿון
אַלעמען. שיקן אַ'ענע ברכות.
אַלגעוועלטיק — אַדי. וואָס געוועלטיקט
איבער אַלץ; וואָס איז ניט באַגרענעצט אין זײַן
געוועלטיקן. אַ'ער הערשער. ־יקייט —
“גײַסט פֿון אַ, און הערשאַפֿט“, פּמ, מלחמה II.
אַלגעוועלטיקן — אוטוו ־טיק, אַלגעוועלטיקט.

▯

נעאָל. געוועלטיקן איבער אַלץ, איבער
אַלעמען. אומבאַגרענעצט הערשן. אַ, איבער דער
גאַנצער אימפּעריע.

אַלגעזאַ'נג
אַלגעזאַ'נג — דאָס. מצ נב נעאָל. הל.
אַלגעזע'ץ — דאָס, ־ז. געזעץ וואָס נעמט

אַלץ אַרום. געזעץ אָן אַ יוצא־מן־הכלל. דאָס אַ,
פֿון וועלן אויפֿהיטן דאָס לעבן פֿון דעם מין.
"קלאַנגען־געזעצן קענען ניט זײַן קיין אַ'ן".
־לעך — אַדי. „עס איז די אַ'ע פֿאַרמעלדונג
צו דעם לעבן„, פּמ, מלחמה I. ־לעכקייט.
אַלגעליבּט — אַדי. געליבּט פֿון אַלעמען.
אונדזער אַלטער אַ'ער פֿעטער.

אַלגעמאַ'ך —אַדוו .Mhd: a1־e—ma . אַרכ
בּאַקוועם, רואיק. "איד וויל מיך אַלגימאַך אַן
קליידן אונ, צירן„, 'מכירת־יוסף', פֿפֿדמ 1713
[אַווע III].

אַ'לגעמיין — אַדי. .Mhd: a1־]en eine.
1. וואָס נעמט אַרום (איז חל אויף) אַלעמען
פֿון אַ גרופּע, אַלע זאַכן פֿון אַ קאַטעגאָריע.
אַ'ע פֿאַרזאַמלונג פֿון די מיטגלידער. אַ'ע
וואַלרעכט. אַ'ע, גלײַכע, געהיימע, דירעקטע און
פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. אַ'ע מיליטער־פֿליכט.
אַ'ער סטרײַק. אַ'ע אייגנשאַפֿטן פֿון מעטאַלן,
פֿון ברענשטאָפֿן אאזוו. „אַ'ע פֿאָדערונגען פֿון
אַלע אַרבּעטער„, וואָס ווילען די
סאָציאַלדעמאָקראַטען, זשענעוו 1899. „די איינהייטלעבע
שול... איז אַן אַ'ע אַרן גאַנצן פֿאָלק", ימ,

איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.

2. וואָס נעמט אַרום די גרויסע מערהייט, דאָס רובֿ. דער אַ'ער ווילן פֿון פֿאָלק. דער אַ'ער אײַנדרוק פֿון עולם. אַ'ע שטימונג. „אַן אַ'ער

▯ ▯

דאַנק אייפֿערט אָן נאָך מער צו טאָן“, קמ, 16 1864, No. „אויף דער אַ'ער פֿאַרוואונדערונג איז ער צוגעגאַנגען...„„, ספֿ, סודות אַן אַ'־ אַמעריקאַנער פּראָבלעם.

3. וואָס נעמט נאָר אַרום גרונטשטריכן אָדער שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף איין בולטן שטריך. וואָס גייט ניט אַרײַן אין פּרטים. ד אַ'ע
פֿאָרי
שטעלונג וועגן עפּעס. אַן אַ'ע באַשרײַבונג. דער אַ'ער א ײַ נ ד ר ו ק פֿון אַ פֿאָרשטעלונג, אונטערנעמונג אע, פֿון אַ שטאָט, געגנט אע. „ איינצלהייטן פֿאַרנעמען אַמאָל צו פֿיל פּלאַץ און שאַטן דעם אַ'עם אײַנדרוק“, בעמ I. אַן אַ, ב י ל ד. „אויף צו געבן אַן אַ, בילד פֿון דער ייִדישער יוגנט, מוזן מיר פּריִער זיך אָפּפֿאַרטיקן מיט... איינצל־שטודיעס„, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. אַ'ער כאַראַקטער. “פֿאַר אונדז איז גענוג אַן... אַ'עם פּראַקטישן בליק

... צו וואַרפֿן,,, קמ, 29 8 ▯ 18' No. ,,דעריבער
איז דער אַ'סטער א ו י ס ד ר ו ק פֿאַר אונדזער
נאַציאָנאַלן אינהאַלט די ייִדישע שפּראַך, ווײַל
▯ זי] דינט אַלס דער אַ'סטער אויסדרוק פֿון דער
ייִדישער פּסיכיק,,, מ. ווײַנווילד, צי איז שוין
▯ אַראַן אַ ייִדישע ליטעראַטור7, וואַרשע l929.
4. וואָס גיט איבער נאָר דאָס עיקרדיקע אַרן
כוללדיקע און איז ניט ספּעציפֿיש. אַ'ער ד אָ ק ־
ט ע ר = ניט־ספּעציאַליסט. אַ'ער ש מ ו ע ס =
ניט וועגן אַ ספּעציפֿישן ענין. אַ'ע בּיִאָלאָגיע,
כעמיע אע. אַ'ע קולטור־געשיכטע. געבן אַן
אַ'עם אַרײַנפֿיר־קורס. "דער באַריכט גיט אונדז
נאָר די אַ'ע סומע פֿון די חובֿות".
5. בשותּפֿותדיק. כּלליש. די אַ'ע

ציווילִיזאַ1359

ציע. אַן אַ'ער אונטערטאָן. ,,אַ פֿלאַם פֿון אַ
ליכט... וויל זיך באַהעפֿטן אין זײַן שורש...
אין דעם אַ'עם יסוד פֿון פֿײַער", תּניא, מח.
,,אַ קאָלעקטיוו געפֿיל מיט אַלע אייגנשאַפֿטן
פֿון אַן אַ'ער... עראָטיק,,, קאָר II. ,,ייִדן אין
אַמעריקע זײַנען אײַנגעגלידערט אין דעם אַ'עם

[איך בב 1־2] קולטור־לעבן,,, א. מענעס, פֿאָר,
18 ￼2￼19 III.
6. סוב. אַרכ. דער אייבערשטער. ,,... דורך
דעם אַלגימיינן וועלכין מיר איך אונזר לעבין
שולדיג...,,, 'שילדבורגר זעלצאַמי אונ
קורצווילִיגי גישיבטי', קאַפּ, 17 [אַווע III].
אַ'־אָ נ ג ע נ ו מ ע ן — די אַ אָ'ע מיינונג. אַ'־
י־
ג י ל ט י ק — אַ'־ג'ע געזעצן, אמתן אע. אַ'־
מ ע נ ט ש ל ע ך — אַ'־מ'ע שוואַכקייטן,
געדאַנקען אאַזוו.
־קייט — שיטן מיט אויבנאויפֿיקע אַ'ן.
,,נישט קיין אַ', נאָר זייער אַ קאָנקרעטע
קוואַליפֿיצירונג‘‘, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II.
אַל געמיין — אַרכ. ,,יודן אַל גימיין וויא
קאַן מן פֿר צער דויארן אַז דא זײַן אײַן גילאפֿן
בק,,ק טולטשין די פויארן‘‘, 'קינות אויף
כמעלניצקיס גזירות', פּראָג 1648? [מוו, בילדער פֿון
דער ייִד, ליט, געשיכטע]. הערה: ,,אַל געמיין
הייסט אייגנטלעך גאַנץ קהל און אַזוי איז
געמיינט דאָ‘‘, מוו.
אַלגעקינצלט — אַדי. נעאַל. אינגאַנצן
געקינצלט, אומנאַטירלעך. ,,אין מוזיי פֿון
מאָדערנע קונסט איז יעדער בילד אַ',,. ־קייט.

אַלגעראָטן — אַדי. אינגאַנצן געראָטן פֿון

,

אַלע שטאַנדפּונקטן. „אַן אַ, קינד: אי שיין, אי
קלוג, אי גוט“. ־קייט.
אָלגראָז — דאָס, ־ן. גראָז פֿון מעסיקן
קלימאַט, וואָס וואַקסט ווילד אין סטעפּ. ווערט אויך
קולטיווירט. נוציק ווי פּיטערגראָז. 140 מינים.
אַ דאַנק זײַן קריכיקן וואָרצל ווערט אָ אָפֿט

,

געפֿלאַנצט בײַ וואַסער־ברעגן כּדי צו
באַפֿעסטיקן דעם זאַמדיקן באָדן. „דאָס סטעפּן־גרינס
באַשטייט אויך על־פּי רובֿ פֿון שטרוי־גראָזן,
דערעיקר פֿון אָ'‘, א גאָלאָמבּ, איבּז ג. באָטש,
געוויקסן וואַרשע 1922.ria[]o)s a nis e(.
אַלגרייט — אַדי. 1. וואָס איז אינגאַנצן
גרייט. זײַן אַ, אויף אַלע שוועריקייטן. 2. אַרכ.
שוין, אין תּוך. אייגנטלעך. „ער אישׂט אַל
גירייט אַלשׂ איין טוטר מאַן“, שמואל־בוך,
סטראָפֿע 1659.
אַלגדינטלעך — אַדי. נעאָל. דורך און דורך
גרינטלעך. „אַ פֿאָרשונג אַ מוסטער, אַלץ איז
אַ'‘ ־קייט.

.

אַלגרעסטער — אַדי. נעאַל. גרעסטער

איבער אַלעמען און אַלץ. „דער אָ, פֿירער, דער אַלבעסטער פֿאָטער, דער רומפֿולער, דער קלוגער סטאַלין־שײן„, רעד, אקש, זב, דאָס געזאַנג פֿון די פֿעלקער, מאָסקווע 1939.
אַלד — אַדי דזוו אַלט אין על.
אַלדא, — אַדוו. אַרכ. □פֿ[(‑Mhd: al. אָט דאָ. אָט דאָרט. אָט איצט. טח פֿאַרטײַטשט ,ושם אתּנו נער..., (בראשית, מא, 12): “און, אַלדא

אלדד ומידד

מיט אונשׂ איין קנאַב„. „דער איזל נאַם אָ, דיא הויט און, טאַט זיא באַלד אַן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, כה/ב. „אַ, זאָלשׂטו דײַן לעבטאָג מוזן זיצן בלײַבן„, 'מכירת יוסף', פֿפֿדמ 1713.
אַלדאָס — פֿראָ. דאַטיוו — אַלדעם. פֿפֿ:
אַלעס. צונויפֿשמעלץ אַל□־־דאָס (דעם). אַלץ וואָס עס איז... [מיט אַ סובסטאַנטיווירטן אַדי, אַבסטראַקט־נייטראַל, מיטן 'סופֿיקס, ־ס. בײַם אַרויסרעדן אויך: „אַלדעס„]. אָ, גוטס, שלעכטס. אַ, בייז. אַ, גוטע, בייזע, שלעכטע. אויסרעדן אויף עמעצן אַ, בייז. ווינטשן עמעצן אַ, גוטס. קריגן (פֿון) אַ, גוטס. „בעסער בייז איידער אַ, בייז“, שוו. „וואָס דאַרף מען זיך

שמדן? אַז מע קען טאָן אַ, בּייז אין גוט־
יִדישקייט,,, שוו. —־ וואָס האָט ער? — אַ, גוטס
און גאָרנישט,, פֿוול. ,,געבּוין בּין איך אין אַ,
גוטס" פֿל [= אין אַ רײַכן שטאַנד]. זיך לאָזן
וואוילגיין מיט אַ, גוטס. ווינטשעווען אַ, גוטס.
,,אומקערן וועט ער אונדז אומקערן אַ, שלעכטס
וואָס מיר האָבּן אים געטאָן", תּי, בּראשית, נ,
15. ,,פֿון אַ, פֿינצטער־ערדישע זיך אויסטאָן,,,
צײַט, 'ס'אויסערמענטשלעכע'. שפּאַסיק און
בּכּיוון אויסגעלערנט: — יאָסעלע, וואָס
לערנסטו אין חדר? — אַ, בּייז [= אַלף־בּית].
אַלדאָסדינג — פּראָ. דזוו אַלדינג, אַלצדינג
(עמפֿאַטישער). טאָן אַ, פֿאַרן קראַנקן קינד.
אַלדאַ'ר — אַדוו, אַרכ. .Mhd: a1־(]a ←
אַלדא. אָט דאָרט. ,,ער וואשׂ אַ, מיט גאָט פֿירציג
טאָג אונ, פֿירציג נאַכט,,, טח, שמות, לד, 28.
,,דאַן זאָלין אַלי זיך פֿון דאָרט אַוועק בּגעבּן,
בּיז קיינר מעהר זאָל לענגר אַל דאָרט פֿר
בּלייַבן,,, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ,,ז
[ייִבּל I, 341].
אלדד הדני — [עלדאָד האַדאָני] אלדד פֿון שבֿט

דן. נאָמען פֿון אַ מיסטעריעזן נוסע וואָס האָט זיך באַוויזן אין בבֿל אין 9. י״ה. [זײַנע פּלאיפּלאָימדיקע מעשׂיות וועגן די עשׂרת־השבֿטים און די בני־משה, וואָס וואוינען אויף יענער זײַט סמבטיון, זײַנען צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין מאַנטואַ סוף 15. י״ה.] „סוף 9. י„ה האָט איינער אַזאַ וואַנדערער וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן א, ה'... אויפֿגערודערט די מוחות מיט פֿאַנטאַסטישע דערציילונגען וועגן לעבן פֿון די ייִדן אין די ווײַטסטע לענדער", ל. האָדעס איבז, שד 458 ,III.

אלדד ומידד — [עלדאָד אומיידאָד]

מענערנעמען [אין במדבר, יא, 26־29, ווערט דערציילט, אַז די — צוויי צווישן דעם ראָט פֿון די זיבעציק זקנים — האָבן נבֿיאות געזאָגט אין לאַגער. האָט מען וועגן דעם אָנגעזאָגט משהן. אויף יהושעס פֿאַרלאַנג מע זאָל זיי צוריקהאַלטן, האָט משה זיך אָפּגערופֿן: הלוואַי זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון גאָט זײַן נבֿיאים. די גמרא לויבט זייער עניוות (סנהדרין, יז/א). לויט אַ שפּעטערדיקער מסורה זײַנען זיי געווען משהס שטיפֿברידער. זיי האָבן נבֿיאות געזאָגט, אַז משה וועט שטאַרבן און יהושע וועט אײַננעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד]. געניצט: א) פֿאַר

אַ פּאָר חבֿרים וואָס האַלטן זיך תּמיד צוזאַמען,

אָלדטײַמער

זאָגן דאָס זעלביקע, פּירן זיך גלײַך. "יאַנקעלע און לייבעלע זײַנען א, ומ"; בּ) איר פּאַר סתּם מענטשן, אַ סך מענטשן (אַזוי ווי: בּערל און שמערל, קלמן און זלמן אע). — ווער איז געווען אויף דער חתונה? — א, ומ, און גרומפּאַך (האָצמאַך)"; ג) זן שפּאָטיש פּאָרויסזאָגערס.

,

,,א, ומ, — זיי זאָגן, אַז עס וועט אויסבּרעכן אַ מלחמה".

אָלד טיימער—דער, ־ס. אַמ. ol(1־timer: .

--

אַלטצײַטיקער'. לאַנגצײַטיקער תּושבֿ, אַלט־ גע,

זעסענער. אַן אָ, אין די בּראָנקס. אויך: אַן אָ, אין פּאַך. אַן אָ, אין בּרענטש. מיט אָ ל ד אויך: אָ, ליידי — אַלטע פּרוי, אָפּט אייגענע מוטער. אָ, מען — אַלטער מאַן, אָפּט אייגענער פּאָטער. אָ, קאָנטרי — דאָס אַלטע לאַנד. דאָס אָפּשטאַם־לאַנד פון אימיגראַנט.

אַלדי — פּראָ. במ ▯רגל אַלדאָס. צונויפֿשמעלץ

▯

פֿון אַל+די. צו אַ, שוואַרצע, גוטע יאָר (אויך אייפֿעמיסטיש, אַנשטאָט שוואַרצע). צו אַ, (בּייזע, שוואַרצע) רוחות. אַ, קלאָגן אויף זײַן קאָפּ. "מוחל אַ, גליקן וואָס דו האָסט צוגעזאָגט,,. *זײַן אין אַ, רוחות = ערגעץ ווײַט, אין אַ שווער־צוטריטלעכן אָרט. ,,מע שיקט איינעם אַוועק צו אַ, שוואַרצע יאָר, גייט ער גאַר אַוועק צו אַ, גוטע יאָר" פֿוּל

פֿונ▯ — , . "-—--

וואַנען אַ ייִד קומט? פֿון אַ, שוואַרצע יאָר, פֿון...", ממוס ▯ישקע "בּעט איך אים מיט

,

גוטן, ער זאָל גיין צו אַ, רוחות און ער — גאָרנישט", פּרץ, 'האשה מרת חנה'. "אַרויס צו אַ, קאַדיק" [= טײַוול, טײַוולאָנים], זש, דער ממזר. "השי"ת זאָל אַראָפּנעמען פֿון זיי דעם רוח־שטות, וואָלט בּוודאי זײַן אַ, בּרכות והצלחות", פּוקח עוריס, נ"י תּ"ש, פּרק לה. ,,... דערפֿרייט וועדן מיט אַ וואָרער פֿרייד נאָך אַ, פֿאַרשעמונגען", בּאַש, דער ע)טן אין גאָרײַ. ,,וואָס אַרט אים דאָרטן, צו אַ, טײַוולאָנים,

דאָס ייִדל מיטן צוגעשוירענעם בערדל", לייב
ראשקין, די מענטשן ◻ון גאָדלבאָזשיץ.
אַלדי בלינדע — שפּאָטישער נאָמען פֿאַרן
קריסטלעכן חגא 'אַלע הייליקע'.
M◻d: al— אַל די וויי'ל — אַדוו, קאָנ. אַרכ.
-
◻)îl◻י־1ie). אין משך פֿון דער גאַנצער צײַט.
,,אַך אַל דיא ווײַל דאז איר זײַט אין דער הייליגי
שול, זאָל אײַך דוכטין אַז ווען דר מלך ווער
אַך אין דער שדל", לט1 נב/ב.
אַלדינג — פּראָ. אַרכ, פּד אוקר אאַ. [לד נב]
◻)Mhd: al־(]in. דזוו אַלצדינג. אַלץ. האַלטן
אַ, וואָס עס שטייט אין דער תּורה. ,,דא שפּראך
דער קוניג שאול: אַל דינג האב איך דר
שלאָגן,,, שמואל־בוך, סטראָפּע 269. ,,אַל דינג וויל
איך אויף דשׂ בישׂט אויז טראַכטן", בבֿא־בוך,
339. אויך געבייגט ווי צוויי באַזונדערע
ווערטער: אַל — פּראָ, דינג — סוב "לשם שמים
זאָל דײַן כּוונה זײַן ביא אַלין דינג", עיון, י/ב.
,,איך האב דיר אַל דינג גשריבן", פּראָגב, 45.
,,אַל דינג זאָל זיא גאַר עבן אויף רוימן", ספֿר
משלים, ◻פֿדמ 1686, מד/ב. ,,דער מענטש האָט
אין זין וואָס ער וויל... וויסן — ווייסט ער

דעמאָלט אַ'", נחב, 'מעשׂה במלך שכּבֿש

מדי()136

נות,. ,,צום שפּיץ איז אַ, אַ הבֿל און
אומזיסטער קלאָפּאָט", מס, קהלת תּקע,,ט, א, 14. ,,איך
האָב אַ, אונטערגעהערט,,, געגאַרטע וועלט,
1815? ,,אויף צעזעצעניש קען ער אַ'", ייִל, קמ,
44 1867, No. ,,אַ, איז בחפּזון", שע, קליינע
מענטשעלעך....

אויך: אַלדינגס — אָפּט אין גאַליציע. ,,אַ,
וואָס איך דערצייל דאָ איז וואָר", בּרוך האַגער.
אַל דמי — [... דאָמי] תּח. <ישעיה, סב, 6
[דאָס ווײַטערדיקע וואָרט: 'לכם']. 'קיין רו ניט
צו אײַך', תּי; אין תּהליס, פּג, 2: "'אלוהים, אַ,
ד, לך, — גאָט, ניט זײַ שטיל", תּי. גענוצט ווי
אַ ווייגעשריי מיט אַן אַרויספֿאָדערונג ניט צו
פֿאַרשווײַגן אַן עוולה (בּעיקר לגבּי ייִדן מצד
שׂונאי־ישׂראל). "זאָלן געשטאַרקט ווערן די
הענט פֿון די וואָס זאָגן אַ, ד, — ניט שווײַגן",
טמז, 29 19 I.

אַלדעהי'ד — דער, ־ן. (אָרגאַנישע כעמיע)
צונויפֿבּונד וואָס האָט אין זיך די גרופּע O][ )
און שאַפֿט זײַערסן, ווען עס קומט צו נאָך

זויערשטאָף, און אַלקאָהאָלן, ווען זויערשטאָף ווערט רעדוצירט. ־יש — אַדי.

אַלדעם — פּראָ. דאַטיוו פֿון אַלדאָס (←). פּפּ: אַלעם. דערציילן וועגן אַ, גוטן. צורעדן עמעצן צו אַ, בייזן. ,,ער בליט אין אַ, שיינס‘‘, סוצ, וואלדיקס. ,,די טישן געגרייט מיט אַלטן ווײַן און אַ, פֿרישן‘‘, האַל, מײַן אוצר.

אַלדעמאָקראַטיש — אַדי. 1. וואָס איז פֿון (בײַ) אַלע דעמאָקראַטיעס. אַ'ע שטעלונג קעגן אַ פֿרעוועטיווער מלחמה. 2. וואָס איז שייך צו אַלע דעמאָקראַטן, צו דער גאַנצער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַ'ער צוזאַמענפֿאָר. 3. וואָס איז אין הסכּם מיט אַלע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. אַ'ע דעקלאַראַציע. ־קייט.

אַלדע'ן — אַדוו. אַרכ ▯ Mhd: al־(le. דעמאָלט, דענסטמאָל. ‘‘אַל דען ['אָז'] ווערן די בתולות ווידר ווריליך זײַן אַם טאַנץ‘‘, שעריר, לא, 12.

אַלדערווייל — ← אַל די ווײַל. 1. אַרכ.

-

אין משך פֿון דער גאַנצער צײַט. ,,דאָס גבילק פֿון בית־המקדש... איז ניט אײַן גפֿלן אַל דער ווײַל דז דיא מלכים פֿון יהודה וואַרן פֿרום‘‘, סהמ, משלי, יא, 11. ,,אַל דער ווײַל די שכינה דא איז [בײַם צדיק], זאָ טאָר דער מלאך המות

ניט צו אים...,,, בראַנט, פּרק ג. 2. לאָקל
(וולאָצלאַוועק און אומג'). הלמאַי, צוּוואָס דען.
,,אַ, רעדט איר אַזוי?,, [אַרויסרייד: ,,
אַלדעוואַ'ל“].

אָלדערמאַן — דער, ־מענער. an [.][a1(1e:[.
מיטגליד פֿון שטאָטראָט. ,,אים [מאָנטעפּיאָרען]
האָבן באַגלייט דער אָ'... און דער
געמיינדעראַט“, קמ, 2 65 1, No ־יש — אַדי.
.
אָלדערן — ← האָלדערן.
אַל דר בּמרום — [אייל דאָר באַמאָרוים] 'גאָט
(וואָס) וואוינט אין הויכקייט'. ערשטע ווערטער
פֿון אַ דרײַפֿאַך־געגראַמטן פּיוט וואָס מע זאָגט
ראָש־השנה צו מוסף. [פֿאַר איטלעכער סטראָפֿע
ווערט איבּערגעחזרט 'מלך עליון'. דעס
אָפּענעם אָרון־קודש מאַכט מען צו בײַ 'מלך אבֿיון',

אלה אלוהיך, ישׂראל

און מען עפֿנט אים באַלד ווידער צו
פֿאַרענדיקן די לעצטע סטראָפֿע. מחבּר אומבּאַקאָנט.]
אלהא דמאיר ענני — [עלאָהאָ דעמייאיר
אַנייני] זאָץ. תּח. >עבֿודה זרה, יח/ב. גאָט
,

פֿון מאיר, ענטפֿער מיר!'. אַ בקשה צו גאָט נאָך
הילף, אויסרוף אין נויט, בעת אַ סכּנה. [
באַזירט אויף דעם אַז ווען ר, מאיר איז געווען
אין רוים, זײַנען אים באַפֿאַלן צערייצטע הינט,
האָט ער זיי אײַנגעשטילט מיט א, ד, ע'.] ,,אין
אַן עת־צרה — מע זאָל מנדר זײַן שמן־זית
אָדער נרות לכּבֿוד נשמת ר, מאיר בעל־הנס און
מע זאָל זאָגן צוויי מאָל די ווערטער א, ד, ע'',
טאַרלער רבי, סגולות ור ואות I, לאָדזש, 1910?
''יעדע פֿרומע ייִדענע פֿלעגט אַרײַנוואַרפֿן
ערבֿשבת פֿאַר ליכט־בענטשן אַ פּאָר מטבעות אין
דער ר, מאיר בעל־הנס־פּושקע, זאָגן אַ [
תּחינה]... און אויסלאָזן א, ד, ע'', טמז, 67 1
23 III.
אלה אזכּרה — [איילע ע'זקעראָ] <תּהליס,
מב, 5. 'דאָס וועל איך דערמאָנען,. [
ווײַטערדיקע ווערטער: 'ואשפּכה עלי נפֿשי, — און
אויסגיסן מײַן זעל אין מיר.] 1. ערשטע
ווערטער און נאָמען פֿון אַ פּיוט — לויטן סדר פֿון
אַלף־בית און אין געגראַמטע פֿערזן — וואָס
מע זאָגט יום־כּיפּור צו מוסף. [אין אַקראָסטיך
איז אײַנגעפֿלאָכטן דער נאָמען פֿון מחבר יהודה
חזק. אין א, א, ווערט דערציילט וועגן די

עשׂרה הרוגי־מלכות.] "א, א, ונפֿשי עלי אשפּכה, ווען איך דערמאָן זיך אין די עשׂרה הרוגי־מלכות — צעגייט זיך אין מיר מײַן זעל", איבז, בן־אוריה, מחזור ליום־כּיפּור, נ,,י תּרפּ"ח.

2. מיטן בּ — די דאָזיקע ווער איך גערענקען. געניצט ווי אַן אָרײַנפֿיר בּײַם דערמאָנען קדושים. 3. נאָמען פֿון אַ סעריע ספֿרים וועגן די אומגעקומענע רבנים און גדולי־תּורה אין מזרח־ און מערבֿ־אייראָפּע, ניו־יאָרק תשט"ז.
אַלהאַי, אַלהיי — קאָנ. <אלא האַי. וואָ, פּאָד,
-
.
גאַליציע. דזוו עלעהיי. שטעל(ט) זיך פֿאָר. לאָמיר אָננעמען. ,,האָסט טענות, דער זון איז געקומען נאָר אויף אַ טאָג. אַ, ער איז גאָרנישט געקומען!" ,,אַ, איך האָבּ קיינמאָל נישט געהאַט אַ האַרץ, אַזוינס וואָס רוישט אין גליק און קלעמט אין צער", אצג, פֿאַרנאַכטנגאָלד.
אלה אלוהיך, ישׂראל — [איילע עלאָהעכאָ, ייִסראָעל] זאַץ תּח. <שמות, לבֿ, 4. 'דאָס איז דײַן גאָט, ישׂראל!, [בּאַציט זיך אויפֿן עגלהזהבֿ, דעם גאָלדענעם קאַלבּ וואָס אַהרן האָט געמאַכט אין מדבּר]. געניצט איר [בּנוגע ניטפֿאַסיקע, ניט־אָרנטלעכע קהל־פֿאַרזאָרגערס]. "א,

א', י'! אָט אַזאַ פּנים האָבן זיי, דײַנע
רעדלפֿירערס, די קהלשע קליאַמקעס“. געניצט אויך
אָן 'ישׂראל': “א, א, — דאָס איז דער ייִדישער
אינטעלעקט פֿון די תּפֿוצות“, בצג, טמז, 1967
7 III.   אַנשטאָט 'אלוהיך, קומט אַרײַן דער
נאָמען פֿון דער גרופּע וואָס ווערט געטאַדלט.
,,א אַדוואָקאַטיך [... טעכאָ], ישׂראל. אַזוינע
,
פֿאַרוואַשענע אויגן האָט דער פֿײַנער מענטש,
דער אָרשטייער פֿון... שטאָט, ואלה

זאַסעאַלהאַמבּראַ

דאַטעליך [= מיטגלידער פֿון שטאָטראָט, פֿון
אַן אָפֿיציעלן אַמט], ישׂראל“, קמ, 1887, No 11.
אַלהאַמבּראַ — די. בּא. <איי <אַראַביש.
לוקסוסדיקער פּאַלאַץ אין גראַנאַדע, אויפֿגעבויט
אין 14. י,,ה. דערפֿון: נאָמען פֿאַר פֿאַרשיידענע
פֿאַרווײַלונג־לאָקאַלן.
אַלהאַנדל — דער, ־ען. נעאָל.   האַנדל מיט
אַלץ. דאָ איז אַן אַ,   פֿון אַ גראַגער ביז אַ

המן־טאַש.
אלה ברכבֿ ואלה בסוסים — [איילע
באָרעכעוו... באַסוסים] ▯ראַזע. תּח. <תּהלים, כ,
8. 'די מיט רײַטוועגן, און די מיט פֿערד,, תּ▯
[סוף פּסוק: ,,ואַנחנו בשם ה, אלוהינו נזכּיר,,.
רעדט זיך וועגן די שׂונאים, וואָס פֿאַרלאָזן זיך
אויף זייער פֿיזישער מאַבט, אָבער מיר פֿאַרלאָזן
זיך אויף גאָט]. געניצט מיט בכּיוון פֿאַרקרימטע
טײַטשן און ווי אַ פּאַראָדיע. ,,א, בּ, ו, בּ, —
אויף אַ פֿערדל, אַ פּגירה קאָן מען זיך ניט
פֿאַרלאָזן,, פֿוול. ,,א'... — און מיר מוזן זיך
— ,
שלעפּן צו פֿוס,,, פֿוול. ,,א,..., ואַנחנו מיט
אַ פֿאָרדל, מיט אַן עראָפּלאַן“. ,,א'... — זיי
מיט קאַלאָשן, ואַנחנו — מיט כאָדאַקעס“. ,,א,
בּ, ו, בּ, — ווער מיט וואָס עס באַרימט זיך:
ווער מיט געווער און מיר — מיט גאָט“, א.
גאָלאָמבּ, טמז, 1967 I▯י 24.
אלה הצאן מה הטאו? ▯— [... האַצוין מע
כאָטון] זאַץ תּח. <לויט שמואל בּ, כד, 17;
ד▯רי הימים א, כא, 17: א, ה, מה עשׂו? ,די
דאָזיקע שאָף, וואָס האָבּן זיי געזינדיקט?, [פֿון
דוד המלכס רייד, אַז גאָט זאָל אָפּשטעלן די

□ מגיפֿה אין ישׂראל]. געניצט מיטן ב: הלמאַי □ אָל
אַן אומשולדיק (פֿאָלק) אָפּקומען פֿאַר די זינד
פֿון (פֿירער, מלך אע). ← אם אָדם חטא, בּהמה
מה חטאה? „מילא, איר זענט משוגעים... אָבּער
א, ה, מ, ח, — וואָס האָט איר צו די יונגע
נשמהלעך?„, סמבּ, די ייִדן פֿון די ליימענע ה□
זלעך, תּ„אָ 1965.

אלה ואלה דבֿרי אלוהים היים — ←
אלו ואלו....

אלה ושבֿועה — [אָלאָ אושוואוע] די. ← בּאלה
ובשבֿועה.

אַלהי — אַדוו. אַרכ. □ie□[Mhd: al..]. אָט דאָ.
דערבּײַ, בּײַ אָט דער שטעל. אבּ, שמות דבֿרים:
„אַלהיא — פּה„.. „[עלי] שפּראַך [צו חנהח: דו
זולט הין וועק גון, מן טרינקט אַלהיא ניט
ווײַן„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 23. „מיר זײַן
אַלהיא אין דער האַנד אונזרשׂ פֿאטרשׂ“,
יוסיפֿון, אַמשט 1661, קפּט. “דאשׂ איז אַלהיא דיא
תּורה צום ערשטין מרמז אין וואָרט
בּראשית...„, נצ□, ג/ב. „וואָרום זיצן מיר אַ, און
ווערן מוזן אין הונגער שטאַרבּן„, צור, הפּטרת
מצורע. „פֿאַרוואָר, דו בּיסט מײַן פֿאָטער, נאָר
פֿאַרוואָס געגענסטו ניט צו מיר אַ, אין

גאָרטן?,,, סוצ, וואַלדיקס, 'פֿון אָנהייב צו אָנהייב'.
אַלהיילונג — די, ־ען. היילונג פֿאַר אַלע מינים קראַנקייטן. פֿולקומע היילונג. ,,דאָס ווערק [פֿון פראָפֿ. פֿ. שניאורסאָן] גיט אונדז

1361

ניט פּאַנאַצייעס [אַ'־רפֿואות],,, מענטש־ וויסענשאַפֿט I, נ,,י אַפּריל 1930.
אַלהייליק — אַדי. וואָס איז אינגאַנצן הייליק, לויטער־הייליק. ,,טראָגן טרויער־צייכנס צום אָנדענק פֿון אַ'סטע לײַדן,,, זק איבז, שד . ־יקייט.
אַלהיילנדיק — אַדי. וואָס היילט אַלץ. ,,זײַן גלויבן אין אַ'ן רעטונגס־מיטל,,, בּ. ריווקין, ה. לייוויק....
אַלהיילער — דער, ־ס. 1. ווער עס נעמט זיך אונטער אָדער האָט אַ שם אַז ער קען היילן אַלע קראַנקייטן. אַ כּישוף־מאַכער אַן אַ'. ,,אַ גוט וואָרט איז אַן אַ',,. 2. איינער פֿון עטלעכע מינים גראָזן וואָס מע פֿלעגט צולייגן צו אָ וואונד וו אַ מיטל צום היילן (צו דעזינפֿיצירן).
י

.An hyllis vulne[.aria

אַלהינען — אַדוו. אַרכ. ￿ al־hinne : ￿Mhd.
פֿונדאַנען. „אָלהינין [פֿון פּסוק אין במדבּר, י,
10] לערנט מן מלכיות, מיט זכרונות אונ,
שו￿רות„, טח.
אַלהי'ר, אַלה'ער — [אַרויסגערעדט מסתּמא
בּלויז: אַלהער] אַדוו. אַרכ.;Mhd: al־hier
￿r[־al. אַהער. אָט דאָ. אויף דעם דאָזיקן
אָרט. אָט איצט. מ￿t פֿאַרטײַטשט 'ישובו הנה,
(בּראשית, טו, 16): „זיא זאָלין ווידר קערן
אַלהער“ [תּי: „אַהער“]. „איך קען אַלהיר ניט
אַלשׁ מעלדן...“, עיון, הקדמה. „דאָס איז
אַלהיר געוועזן בּײַ אלישע דאָס אים קיין פֿרוי
האָט קענען אָנזען“, צאינה, הפֿטרת וירא.
„זײַן הנד קען ניט גרייכן פֿון רומא בּיז
אַלהער“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, צט/א. „איז
הש„י מוחל אוף דאשׁ דא גשעהן איז בּיז
אַלהער„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו
1796, פּרק לד.
אַל המנוהה ואל הנהלה — [על האַמנוכע
ווייע'ל האַנאַכלע] פֿראַזע. תּח. <דבֿרים, יכ,
9. „צו דער רו און צו דער אַרבּונג„ תּי.
1. בּאַצייכנט אַ צושטאַנד פֿון רואיקייט,

שלוות

נפֿש און עקאָנאָמישער זיכערקייט. „אַ גאַנץ לעבן זיך אָנגעהאָרעוועט און ניט זוכה געווען א, ה, וא, ה'„. „[די שׂונאי־ישׂראל] האָבן שוין נאָכן בלוטיקן מבול ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די ווייניק איבערגעבליבענע ייִדן זאָלן ענדלעך קומען א, ה, וא, ה, אין ארץ־ישׂראל„, הלל זײַדמאַן, טמז, 16 1965 .II.

2. (בײַם פֿונאַנדערשיידן ביידע טיילן) ערשטער טייל — רו, מקום־מקלט, צווייטער טייל פֿאַרמעגן, נחלה, אייגן הויז, באָדן. "דער — —

פליט האָט זיך דערשלאָגן אין נײַעם לאַנד אויב ניט אַל הנחלה איז לפּחות אַל המנוחה„.

3. פֿיג. קומען אַל המנוחה = שטאַרבן, נפֿטר ווערן, קומען צו לעצטער רו. „אַזוי איז פֿאַרזיגלט געוואָרן דער וועג פֿון אַ פֿרעמדן, וואָס איז געקומען אַל המנוחה — צו דער געגאַרטער, אייביקער רו„, ז. ברושי, צוק דעצ, 1967.

אַל הנער הזה התפללתי — [על האַנאַאַר האַזע היספּאַלאַלטי] זאַץ. תּח. <שמואל א, א, 27. 'אויף דעם דאָזיקן ייִנגל האָב איך

מתאלו דבֿרים שאין...

פּלל געווען', תּי. [דאָס האָט געזאָגט חנה צו עלי הכּהן וועגן איר קינד שמואל] דריקט אויס פֿרייד איבער אַ גוטער בשׂורה, אַ גוטן טראַף. „מזל טובֿ! מײַן ווײַב האָט געהאַט אַ ייִנגל, א, ה, ה, ה'“. „א, ה, ה, ה, — אויף דעם דאָזיקן בּריוו האָב איך געוואַרט“. „א, ה, ה, ה, — געכאַפּט די ריכטיקע טויז„..

אַלהעכסטע(ר) — אַדי. סופּערלאַטיוו. סאַמע העכסטע(ר). דאָס אַ'ע געריכט. דער אַ'ר שופֿט. אַ'ע אויטאָריטעט. „יראת־הכּבֿוד קעגן דעם קעניגס ם[אַרהײליקטער אַ'ר פּערזאָן“, בּראָד, גש,

▯

ז, 184.

אַלהערשIנדיק—אַדי. וואָס איז אומבּאַגרענעצט אין הערשונג. אַ'ער דיקטאַטאָר. ־עריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע (מאַכט דעם אײַנדרוק) צו זײַן הערשעריש ביז דער העכסטער מדרגה. “די אויסגעהאַקטע סטאַטוע [פֿון משה רבּינו] איז אַזוי שטרענג־בּאַפֿעלעריש, אַזוי אַ',,, י. שטערן, איק, פּסח תּש,,ד.

אלה תולדות — [אײלע טוילדעס] <בּראשית,

ו, 9 אאַ. „דאָס איז די געשיכטע', „די געבורטן„ 'די געבורט־געשיכטע'. [אָנהייב פֿון דער סדרה נח וואו עס דערציילט זיך וועגן מבול.] געניצט ווי אַן אַרײַנפֿיר בײַם דערציילן וועגן עמעצן, ס'רובֿ לגנאַי, אָדער וועגן עפּעס וואָס מע פֿאַראורטיילט, וואָס געפֿעלט ניט. א, ת, יונגאַטש (אויפֿגעקומענער גבֿיר, גנבֿ אאַזוו). א, ת, באַנקראָט (רעוואָלוציע, מחלוקת). „א, ת, יונגעלײַט, ד„ה אָווע־טאָווע יונגעלײַט„, שע. „ביז מע האָדעוועט אויס דעם עפּל... עס איז גאָר ניט שייך אַלץ אויסצודערציילן, עס איז אַ גאַנצער א, ת"“, ש. גאָדינער, אינ סטעפּ, קיִעוו 1940.

א, ת, נ ח — ווען עס קומט צו דעם נאָמען נח ווערט דאָס נעגאַטיווע מער אַרויסגעהויבן. [נח איז געווען אַ צדיק נאָר 'בדורותיו', אַסאָציאירט זיך אויך מיט בראַנפֿן און שיכּרות (. בראשית, ט, 21).] „א, ת, נ, — דאָס איז די מעשׂה פֿון אַ פֿאַרך„, פֿוול. „א, ת, נ, — פֿון בראַנפֿן קריגט מען כּוח, כּוח איז דער עיקר, פֿון בראַנפֿן ווערט מען שיכּור“, ערשטע פֿיר שורות פֿון אַ פּאָפּולער פֿל געזונגען בײַ סעודות, ספּעצ פֿון בעלי־מלאָכהשע חבֿרות און חבֿרה־קדישא, מיט פֿאַרשיידענע נוסחאָות נאָך

אָט די ערשטע פֿיר שורות. אויך אין כּלערליי
לידלעך פֿון חדר־ייִנגלעך וואָס האָבּן אין זיך
אויך קללות און גראָבּע רייד.
אַנשטאָט נח קענען אַרײַנקומען: גנבֿ, זשוליק,
פּאַרך אע.
אלו דבֿרים שאין להם שיעור — [איילו
דוואָרים שעאיין לאָהעם שיאור (שיר)] זאַץ. תּח.
<פּאה, א, א. 'די דאָזיקע זאַבן האָבּן ניט
קיין שיעור', פּיעט. [די תּורה האָט ניט
אָנגעגעבּן קיין בּאַשטימטע נאָרמע וויפֿל מע דאַרף זיי
טאָן: ווי גרויס עס דאַרף זײַן דער עק פֿעלד
מיט ניט אָפּגעשניטענער תּבֿואה פֿאַר
אָרעמעלײַט; וויפֿל בּיכּורים מע דאַרף בּרענגען אין
בּית־המקדש; וויפֿל מאָל מע דאַרף קומען פּסח,
שבֿועות און סוכּות — אין הוי□ פֿון

בּית

אלןהות

המקדש; וויפֿל מע דאַרף העלפֿן מענטשן; וויפֿל
מע דאַרף לערנען תּורה.] געניצט מיטן בּ: וויפֿל
מע זאָל ניט טאָן — איז ניט גענוג, איז מען
ניט יוצא. „קינד מײַנס, חזר איבּער נאָכאַמאָל
די פֿרשה חומש, ווײַל א, ד, ש, ל, ש'“.
א, ד, בּטלים [בּעטיילים] ש, ל,
ש, — מיטן אַרײַנשטעלן דאָס וואָרט 'בּטלים,
ווערט אין געוויסע פֿאַלן דער בּ פֿון דבֿרים
געביטן פֿון 'זאַכן, אויף 'רייד'. דבֿרים בּטלים =

פֿוסטע ווערטער (רייד). גענ‍יצט מיטן בּ: רעדט
אָן אַ שיעור נאַרישע רייד.
אַל(ו)הות — [עלאָ'הוס, עלאָקו'ס] די. >עבֿודה
זרה, ד, ז; סנהדרין, סג/אַ; בּמדבּר רבּה, יד, יז;
דבריס רבּה, בּ, ג אאַ. געטלעכקייט. געטלעכער
כּוח. סכום געטלעכע אטריבּוטן▯ די
אומפֿאַרשטענדלעכע, די איבּערשׂכלדיקע, די
טראַנסצענדענטע א'. „מײַן הערץ העט מיך זאָלן דרום
איבּעררײדן צו זאָגן אויף דער זון און, לבֿנה
דז זי איין א, זײַנען", סהמ, איובֿ, לא, 26־27.
"די קינדער... וועלן קיין מורא ניט האָבּן פֿאַר
דעם יצר־הרע, זיי וועלן פֿרום זײַן און וועלן
האָבּן אַ גרויסן בּאַגריף אין א',,, נוצ II, מב/א.
"בּלײַבּ דאָ, מענדל, וועלן מיר צוזאַמ▯ן
פֿאַרשפּרייטן א, אויף דער וועלט", שלמה בּיקל,
טמז, 11 ▯7▯19 I.
אלוהי — [עלאָהײַ] >תּהליס, קמג, 10; קמה,
1. 'מײַן גאָט'. ניט גענ‍יצט פֿאַר זיך נאָר
בּלויז אין פֿאַרבּינדונגען, ← ווײַטער. „צוויי
תּפֿילות — 'נצור לשוני מרע', 'נשמה שנתתּ
בּי'... הייבּן זיך אָן מיט דעם רוף א, — מײַן
גאָט, און [דאָס] שטרײַכט אונטער דעם
אינטימען... כאַראַקטער פֿון תּפֿילת־יחיד", הלל

זײדמאַן, טמז,)196 י22 I.

אלוהי־אַ רהס, א'—יצהק וא'—יעק

— <שמות, ג, 6, 15; ד, 5 אאַ. גאָט פֿון אַבֿרהם, ג, פֿון יצחק און ג, פֿון יעקבֿ. געניצט אין ייִדיש בלויז בײַם אויסטענהן זיך מיטן רבונו־של־עולם [דערפֿון אויך דער אָנהייב פֿון דער באַקאַנטער תּחינה פֿאַר הבֿדלה: "גאָט פֿון א, פֿון י, און פֿון י'...].

— ,

אלוהי־ישׂראל — [עלאָה'יִי, געוויינלעך: עלאָקיי'... ייִסראָעל] <שמות, ה, 1; לכ, 27; ישעיה, לז, 21 אאַ. גאָט פֿון ישׂראל. "א'־י', וואָס האָסטו דערלאָזט רוצחים זאָלן

אויסהרגענען דײַן אָלק ישׂראל?". "[דער גר] האָט דערזען דעם אמת און אָנגעהויבן צו גלייבן אין א'־י',,, טמז, 9 1966 III.

אלוהים — [עלאָהי'ם (עלאָקי'ם)] <בראשית, א, 1 אאַ 'גאָט,. ,,בראשית — אין אָנהייב, ברא — האָט באַשאפֿן, א, — גאָט, את השמים — די הימלען, ואת האַרץ — און די ערד"; אופֿן פֿון חדרשן פֿאַרטײַטשן במשך פֿון לאַנגע דורות. [אלוהים ניטאָ אין ייִדיש ווי אַ וואָרט פֿאַר זיך. אלוקים געניצט בלויז בײַ חקירות

ווען געטלעכקייט. דער מקובל משה דע־
ווידאַש (1550 — 1588) ברענגט די
פּאַנטעאיסטישפּילאָסאָפּישע דעפיניציע: „הטבע שהוא
אלוהים“ = די נאַטור וואָס איז גאָט, ראשית־חכמה,
שער האַהבה א'. שפּעטערדיקע מקובלים האָבן

1362

געזען אַ ראַיה פאַר דעם אין דער גלײַכער
בגימטריא (86) פון 'אלהים, און 'הטבע'.]
א, אַהריס — [... אַכיירים] פּראַזע תּח
<שמות, כ, 3; כג, l3; ד◌רים, ה, 7 אאַ.
אַנדערע געטער'. געניצט מיט בב: 1.
אָפּגע,
טער, געצן, עבודה־זרה. 2 פיג. פאַלשע
אי.
דייען, פאַר◌ירערישע אידעאַלן פּרעמדע
מנה,
גים, קולטורן. פאַרגעסן די פריִערדיקע אידעאַלן
און זיך בוקן צו א, אַ'.
אלוהים יבקש את נרדף — [... יעוואַקייש
עס נירדאָף] זאַץ. תּח. <קהלת, ג, 15 [אין
טעקסט: 'והאלוהים...']. 'גאָט מאָנט אויף

פֿאַר דעם גערודפֿטן', תּי. געניצט מיטן בּ: אָט שטעלט זיך אײַן פֿאַר דעם בּאַעוולטן, פֿאַרן פֿאַרפֿאָלגטן. [<ויקרא רבּה, כז, 5 און קהלת רבּה, ג, 19: ,אַפֿילו צדיק רודף רשע, = אַפֿילו ווען אַ גערעכטער רודפֿט אַן אומגערעכטן.]

אלוהי, נצור לשוני מרע — [עלאָהײַ, נעצוי'ר לעשויני מייראָ'] זאַך. <בּרכות, יז/א. 'מײַן גאָט, בּאַהיט מײַן צונג פֿון שלעכטס'.

[די ערשטע ווערטער פֿון דער תּפֿילה צום סוף פֿון שמונה־עשׂרה. צווייטע העלפֿט פֿון זאַך: 'ושׂפֿתי מדבּר מרמה, — ,,און מײַנע ליפּן פֿון רעדן פֿאַלשקייט“.] ,,א, נ'... 'מײַן גאָט, היט אָפּ מײַן שפּראַך פֿון שלעכטע רייד, איז דער קלימאַקס נאָך די אַכצן בּרכות“, הלל זדמאַן, טמז, 22 1966 I. געניצט ווי אַן אַרײַנפֿיר, ווען מע זאָגט עפּעס שלעכטס וועגן אַ מענטשן.

אלוהי, נשמה שנתת בּי — [... נעשאָמאָ שענאָסאַטאָ...] <בּרכות, ס/בּ. [סוף פֿון זאַך: טהורה היא.] ,,מײַן גאָט, ריין איז די נשמה וואָס דו האָסט אַרײַנגעגעבּן אין מיר“, איבּז, בּן־אוריה, מחזור אור ליע)ראָל ליום־כּיפּור, נ,,י תּרפּ“ח. ערשטע ווערטער פֿון אַ תּפֿילה בּײַם דאַוונען שחרית מיט אַ לויבּ דעם בּאַשעפֿער

פֿאַרן אומקערן די נשמה צום גוף נאָכן שלאָף.
"א, נ, ש, בּ, — דאַרף מען דאָך (אָדער: זיך)
בּאַנײַען / אַ גאַנצע וואָך האָרעוועט מען דאָך /
אויף שבּת דאַרף מען לײַען", פֿל. "א, נ, ש,
בּ, / דלות איז מן השמים / א, נ, ש, בּ, וויל אַ
גוטן לחײַם", פֿל.
אלוהיסט — [עלאָה'יסט] דער. לויט
בּיבּלקריטיק מחבּר פֿון איינעם פֿון די אורטעקסטן
פֿון חומש (בּעיקר בּראשית) וואָס בּאַצייכנט
גאָט מיטן נאָמען 'אלוהים'. [דעם מחבּר פֿון
צווייטן אורטעקסט רופֿט מען יאַהאַוויסט. לויט
אַ טראַדיציאָנעלן אויסטײַטש איז 'אלוהים, דער
בּאַשאַ□ער פֿון אוניווערס ווי אויך אַן אָנדײַט
אויף מידת־הדין; ה, איז גאָט פֿון די עבֿרים ווי
אויך אַן אָנדײַט אויף מידת־הרחמים.]
אלוהי, עד שלא נוצרתי — [עלאָהײַ, אַד
שעלוי נויצאַרטי] <בּרכות, יז/א. 'מײַן גאָט,
איידער כ'בּין בּאַשאַפֿן געוואָרן, [סוף זאַץ: איני
כּדאַי, ועכשיו שנוצרתּי בּאילו לא נוצרתי —
"בּין איך ניט ווערט געווען. און איצט ווען איך
בּין שוין יאָ בּאַשאַפֿן, בּין איך גלײַך ווי איך
וואָלט ניט בּאַשאַפֿן געוואָרן", איבּז, בּן־אוריה,
מחזור אור לי□tראל ליום־כּיפּור, נ,,י תּרפּ,,ח].
נאָמען און ערשטע ווערטער פֿון אַ תּפֿילה וואָס

אלו ואלו

מע זאָגט יום־כּיפּור אין שמונה־עשׂרה צו
שחרית און מוסף; דריקט אויס די נישטיקייט
פֿון מענטש, ווי אויך אַ בקשה אַז זײַנע זינד זאָל
דער אייבערשטער מוחל זײַן מיט רחמים, ניט
דורך י(ִ)סודים. [אין דער גמרא ווערט די תּפֿילה
אָנגערופֿן 'ווידויאָ דרבאָ, — רבאָס ווידוי, יומא
פּז/ב.] נאָמען פֿון פּרצעס אַ פֿעליעטאָן.
שפּאַסיקער אײַנטײַטש: א, ע, ש, נ'— מײַן גאָט,
איידער איך בין געוואָרן אַ נוצרי [= קריסט.
ווש: נוצרתּי — נוצרי], איני כּדאַי — בין איך
ניט ווערט געווען צו טראָגן דעם נאָמען ייִד
ועכשיו שנוצרתּי — און איצט אַז כ'האָב
אויסגעביטן דאָס רענדל, בין איך ניט קיין ייִד און
ניט קיין גוי, דער גאַנצער עסק האָט ניט
געלוינט.
אלוהי־צבֿאות — [עלאָהיי'־צוואָעס] דער.
דער גאָט, <ירמיה, לה, 17; עמוס, ה, 15.
פֿון בֿאות', תּי, ד„ה גאָט פֿון גאַנצן באַשאַף,
רעגולירער פֿון די הימלישע כּוחות. "קינדער
מײַנע!... קלאָגט די שטימע פֿון שטאַרקן א'־

צ',, פֿרוג, 'דאָס קוויטל,.

אלו הספּיק... דיינו — [אילו היספּיק דאַיעינו] זאַץ. <הגדה של פּסח. פֿאַרגרײַזט פֿון: "'אילו ספּק (צרכנו במדבר אַרבעים שנה) דיינו, — 'ווען ער וואָלט באַפֿרידיקט (אַלע אונדזערע באַדערפֿענישן אין מדבר דורך דער צײַט פֿון פֿערציק יאָר), וואָלט פֿאַר אונדז געווען איבערגענוג,,,, איבּז י. ד. אײַזענשטיין, נ"י תּרפּ,,ח. פֿאַראָדירט: ,,אילע פּופּעק? דרײַ נײַע" [אילו = ile פּויליש: וויפֿל; נײַע = עסטרײַכישע קרייצערס].

אַלוואו . אַדוו. ...al : Mhd. אַרכ. וואו, אַוואו. ,,אַל וואו מײַנה אויגן טוהן וואַלטן,,, יוסף מאַרשן, לשון זה, אמשט תּצ"ד, ז, 17.

אַלוואַי — ← הלוואַי.

אלו ואלו — [איילו וואָאיילו] פּפֿ: אלה ואלה [איילע וואָאיילע]. פּראָ. תּח. <זבֿחים, ה, בּ. די און די אַנדערע, די און יענע, בּיידע. ,,א, ו, דרייען אַ ספּאָדיק,,. ,,א, ו, זײַנען ווערט אַ זעץ אין דרערד". ,,א, ו, זײַנען גערעכט און אומגערעכט". "א, ו, זײַנען דער היפּוך צו קולטור,,, ש. בּיקל, שרײַבער פֿון מ.ן דור I.

א, ו, בּ□רכה מבֿרכים — [... בּיווראָכאָ מייוואָרכים] זאַץ. תּח. <לויטן יוצר פֿון צווייטן טאָג ראָש־השנה: 'כּל שוכני־שקט בּבֿרכה מ□רכים, א, ו, בּגובה מגדילים'. [נוצנדיק דעם דריטן פֿערז פֿון פּיוט קאָמבּינירט מיטן צווייטן (אויסלאָזנדיק דעם רעפֿריין: ה, מלך, ה, ימלוך).] ,די און די בּענטשן (גאָט) מיט בּענטשונג'. געניצט מיטן בּ: בּיידע האָבּן גוטע כּוונות. ,,וועגן דער מחלוקה ווי אַמבּעסטן צו העלפֿן די רוסישע ייִדן, קאָן געזאָגט ווערן א, ו, בּ, מ, — בּיידע מיינען צו טאָן גוטס", ניסן גאָרדאָן, טמז, 7□19 □י 4.

א, ו, בּהלל מהללים — [... בּייהאַלעל מייהאַלעלים] זאַץ. תּח. <דאָרטן. 'די און די לויבּן מיט לויבּ,, געניצט מיטן בּ: רימען בּיזן זיבּעטן הימל. א, ו, בּטענצל מטאַנצלים = די און די כאַפּן אַ טענצל. א, ו,

אלו ואלו

בּמלל ממללי□ — [... בּיימעלעל מיימאַלע□לים] 'די און די ריידן מיט רייד'. פּאַראָדירט: □א, ו, בּ, מ, — האַקן אַ טשײַניק". א, ו,

בּניגון מנגנים — [... מיינאַגנים] <דאָרטן:
א, ו, בּרנן מרננים — [... בּייראַנען
מייראַנענים] — 'די און די זינגען מיט געזאַנג,,
מיטן בּ: צעגיסן זיך מיט שבָחים, באַפּן
קעלבּערנע התפַּעלות. "א, ו, בּניגון מ, — שמעלצן
זיך די פַּאָמעניצע"; ,,א, ו, בּרנן מ, — בּענטשן
זיך, צאַצק□ן זיך מיט אים".
א, ו, גבּוריס — [... גיבּוירים], א, ו,
קדושים [... קדוישים] — 'די און די זיַ□ען
העלדן, די און די זײַנען הייליקע'. ,,ממילא
זײַנען א, ו, [די וואָס שטאַרבּן בּאַוואוסטזיניק
פּאַסיוו]... ג, און אויך א, ו, ק',,, שמ, צוק,
אָקט, 1948.
אלו ואלו דבֿרי אלוהים היים — [...
דיוורײ עלאָהים (בּײַם ריידן געוויינלעך: עלאָקים)
כאַייִם] זאַץ. תּח. <עירובֿין, יג/ב; גיטין, ו/ב.
פּפֿ: אלה ואלה.... 'די און די זײַנען די
רייד פֿון לעבּעדיקן גאָט'. [רעדט זיך וועגן דער
מחלוקת צווישן בּית־הלל און בּית־שמאַי; הגם
די הלכה איז ווי די ערשטע, אָבּער פֿון בּיידע
קאָן מען עפּעס אָפּלערנען, ציִען אַ
מוסרהשׂכל.] געניצט צו בּאַצייכענען: א) אַן
אידייאישן וויכּוח, אַ חילוקי־דעות, אָבּער בּיידע
צדדים זײַנען אויסן בּלויז דעם אמת און ניט

פּערזענלעכע פּניות; בּ) אַ פּראָבּלעם וואָס קען געלייזט ווערן אַמאָל לויט איין שיטה (סבֿרה, אויסטײַטש) און אַמאָל מיט דער אַנדערער. „כאָטש מיר געפֿינען אַ פּלוגתא: דער זאָגט עס איז מותּר, און דער זאָגט עס איז אָסור, איז א, ר... זײַנען דאָך בּיידע אמת מצד החיוב הפּנימי", נוצ II, פּח/א. „מיר פּראָסטאַקעס אָבּער... מוזן האָבּן אמונת־חכמים, וואָרן א, ו, ד, א, ח', גענאַרטע וועלט, 1815? "א, ו, ד, א, ח, — בּיידנס רייד זײַנען אײַנגעגעבּן פֿון דעם לעבּעדיקן גאָט, והלכה כּבֿית־הלל", ווינטש, דאָס נײַע לעבּען, יולי 1910. "א, ו, ד, א, ח, — בּיידע שפּראַכן [יִידיש און העבּרעאיש]. ▯. זײַנען גלײַך וויכטיק,„ עלטערן־טריבּונע, מעקסיקע, יולי 1950.

אַלו▯וויאָ'ן, ־וויום — דער, ־ס. 1. זאַמד, שטיינדלעך, ערד וואָס אַ פֿלייציק וואַסער זאַמלט אָן בּײַ אַ נאַטירלעכן אָדער קינסטלעך־ געשאַי
פֿענעם פֿאַרהאַלט. 2. צוקום, צוּוואוקס פֿון לאַנד בּײַ אַ בּרעג אַדאַנק אָט דעם פּראָצעס.
י
־וויאַ'ל — אַדי.
אָלוו אָפּאָל — גנ. קרײַזשטאָט אין

כערי
סאָנער גובּ', דרום־רוסלאַנד. „די שטאָט... האָט
אָפֿיציעל געהייסן אָ', נאָר די אוקראַינער האָבּן
זי גערופֿן אָרליק און די ייִדן האָבּן זי גערופֿן
אָרעל און אַלטע משׂכּילים פֿלעגן זי רופֿן ,
הראל, (גאָטס בּאַרג)„, פּ רודאָי, טמז, 24 1965 X.
אַלוויזוע'ל — אַדי. אינגאַנצן, בּלויז וויזועל.
„עס טויג ניט דער מעטאָד, ווײַל ער איז אַן
אַ'ער„.

1□63

אַלווייל — ← אַל די ווײַל. „דשׂ קינד וואַרט
-
גישפּײַזט פֿון שפּײַז דר מוטר אַל ווײַל זי
טראָגט אונ, זייגט„, בּראַנט, פּרק לו.
אַלווייסער — ← אַלץ־ווײַסער.
אַלוויכטיק — אַדי. אינגאַנצן, בּיז גאָר
וויכטיק. ס'איז דער אַ'סטער ענין. ־יקייט.
אַלווינטערדיק — אַדי. 1. וואָס איז פֿאַרן
גאַנצןווינטער. אַ'ע מלבּושים. 2. וואָס איז
בּלויז, נאָר ווינטערדיק. „זײַן אָפּהאַנדלונג איז
ניט קיין מאַיאָווע, נאָר אַן אַ'ע„, צײַט, טמז,
21 □ 1954.

אַלוויסיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אינגאַנצן אינטעלעקטועל, אָן שום צומיש פֿון אינסטינקט, געפֿיל. אַ לאָגישער און אַ'ער באַשלוס. ־יקייט.

אַלוויסנדיק — אַדי. וואָס ווייס(ט) אַלץ. "ווי אַ, איז דער כעמיקער, ביִאָלאָג", יעקבֿ פֿרידמאַן, די לעגענדע נח גרין.

אַלוויצע — די, ־ס. רום. □halvi: □ □>. ניס־פּלעצל, האַרט און קלעפּיק. טעם ענלעך צו כאַלוואַ. נאַשערײַ. „די גרעקן פֿלעגן בײַ אונדז פֿאַרקויפֿן אַ'ס", רייד (בוקאַרעשט).

אַלוועאָ'ל — דער, ־ן. <איי >ל (אַנאַטאָמיע). 1. יעדער מין קליינע עפֿענונג אין אַן אָרגאַניזם. 2. לופּט־קעמערל אין די לונגען. "די לופּט האָט זיך געטשעפּעט אין די ניט־פֿאַרהיילטע אַ'ן, מיט סקריפּעס, מיט אייטער האָט זי זיך געריסן אין דרויסן". ש. ברעגמאַן, אויפֿן מזרח איז אומרואיק, מאָסקווע 1934. 3. לעכל אין קינביין וואו עס איז דאָ דער וואָרצל פֿון צאָן. 4. אויסגוס־זעקעלע בײַ אַ דריז. 5. קעמערל פֿון אַ סטעלניק, אין אַ שיכט בינענוואַקס.

אַ'ער — אַדי. אַ'ער בויגן — טייל פֿון אייבערשטן אָדער אונטערשטן קינביין וואו די ציין זײַנען אַרײַנגעזעצט. אַ'ער קלאַנג

— וואָס ווערט אַרטיקולירט מיט דער צונג וואָס רירט אַן אָדער קומט צו נאָענט צו דער קאָנוועקסער וועלבּונג הינטער די ציין. ״די דאָזיקע [דאָרפֿישע] ייִדן, וואָס מיר האָבּן זיי שפּאָטיש גערופֿן ,ראָשאַשאַנקעניקעס', ווײַל זיי פּלעגן זיך צו ערשט בּאַוויַזן אין שטאָט אויף ראָשהשנה, האָבּן אַרויסגערעדט אַ שטאַרק אַ'ן [ר],,,

ש. נאָבּל, ייִשפּ 2 ,XX. ־יש — אַדי.
אַלוועלט — די. מצ נבּ וועלטאַל. אוניוועורס. דערשײַנונגען אין אַ'. ״הייבּסטו אָן זיך פֿילן ווי אין אַ, פֿאַרזונקען״, דא, פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930. ,,איצט ווערן אַלע ווערטער גאָלע מאַסקעס צוצודעקן מיט זיי ד אַ'־ק ן־זינד״, הל, אין טרעבּלינקע....
י
־יק — אַדי. קאָסמיש. אַ'יקע דערשײַנונגען.
־יקייט.
אַלוועלטיש — אַדי. 1. דזוו אַלוועלטלעך. אַ'ער אויפֿהיט פֿון ענערגיע. 2. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַלוועלט. אַ'ע געבּערונג און אָפּשטאַרבּונג. ־קייט — ,,די ייִדישע אַ, אוז איר ייִדישע שפּראַך״, לע, טמז, 2 1953.

אַלוי'ן

אַלוועלטלעך — אַדי. וואָס איז פֿון, שייך צו דער (גאַנצ־ר) וועלט, וואָס איז אומעטום איבער דער וועלט (בײַ אַלע פֿעלקער, אין אַלע לענדער). אַן אַ'ע באַוועגונג. דער אַ'ער סאָציאַליזם, ציוניזם אאָזוו. זײַן באַקאַנט מיט אַלע אַ'ע גדולים. "אויף אַלע אַ'ע שפּראַכן באַזינגט מען קאָלירטע מאָטילן", סעג, א בויס אין פּוילן ־קייט — „מיר אָנערקענען די אַ', די אומעטומיקייט פֿון ייִדישן לעבן", ימ, אונזער שול, נ„י ־193.

אַלווע'ר— פּראָ. אַרכ ־r יֹ־Mhd: a1.

יעדערער וואָס. "... לאזין אויז רופֿין: אַל ווער וויסטי צו זאגין פֿון דען יהודי... זול קומין עשׂ זאגין", גה, 237.

אַלוזיע — די, ־ס. <איי <ל. אָנשפּיל, אָנצוהערעניש. וואָרט אָדער פֿראַזע וואָס ברענגט אַרויף אויפֿן זינען בײַם הערער אַ באַשטימטע פֿערזאָן, זאַך, געשעעניש, אויסדרוק, כאָטש דער ריידער האָט עס ניט דערמאָנט בײַם נאָמען. אַ, אויף אַ פּסוק, אויף אַ מימרא. "ער פֿאַרמאָגט אזא טײַער אויער פֿאַר ייִדישע אַ'ס פֿאַר צו—־
,

ריקרופֿן אַ גאַנצן העבֿרעאישן באַגריף, ווען מע דאַרף אים,,, יג, אין תּוך I. ,,געפֿינען מיר טאַקע אין די סליחות, פּיוטים און פֿזמונים צענדליקער אַ'ס אויף די ניט־ייִדישע אומות,,,

קאָס, ייִשפּ 1 ,III X.

אלו ידעתיו — הייתיו — [אילו יעדאַטיוו — האָייִסיוו] זאַץ. תּח. <רמבּס, מורה־נבֿוכים אויבֿ איך וואָלט אים (גאָט) געקענט (משׂיג, תּופֿס זײַן, באַנעמען) — וואָלט איך געווען ווי ער. אַן ענטפֿער וועגן מהות פֿון געטלעכקייט, ווײַל מע קען עס ניט משׂיג זײַן ,מקוצר המשׂיג וגודל המושׂג, —. דער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד איז צו קליין (קורץ) און דער אָביעקט איז צו גדויס.

אַלוי'ן, אַלו'ן — דער, ־ען. n וa1 : Mhd.

ל alumen. פֿאַרשפּרייטע, האַרטע, קרישטאָלפֿאָרמיקע, אָנקאָליריקע, אָנריחדיקע זאַלץ,

צע גייט אין וואַסער. צווייבאַזיקע שוועבלזײַערסזאַלץ פֿון פּאָטאַש און פֿון אַלומיניום [געניצט

בײַ גאַרבערײַ, אין פֿאַבריקאַציע פֿון פֿאַרבן, אין פֿאָטאָכעמיע און בײַ פֿאַרשיידענע פּראָדוקציעס. געניצט זינט אוראַלטע צײַטן אין

מעדיצין, ספּעצ, ווי אַ מיטל צו פֿאַרהאַלטן בלוט פֿון אַן אָפֿענער וואונד. כּתובות, עט/ב: ' מחפּורת של צריף,, רשי פֿאַרטײַטשט דאָרטן: 'אלו''ם בּלע,,ז'...]. ,,ווײַשׂ צין צו מאַכן, דער זול נעמן איין גנצי מושקוט אונ, זול זי קליין שטושׂן אונ,... זול נעמן אַז גרושׂן אַלויין אַז די מושקוט אישׂט,,, כּ,,י 'ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. ,,קח אַלויאן ומלח ושׂרוף יחד והנח על גבּי בּשׂר חי'', ר, דוד טעבֿיל בּר, יעקבֿ אַשכּנזי, בּית דוד, ווילמרשׂדאָרף 1734. ,,אַלוין — אַ ווײַסער זאַלץ, ווערט גענוצט צו פֿאַרהאַלטן בלוט'', ס פֿײַנסטאָון, כעמיע, נ''י

— — .

1920. ,,ווערעמקרויט פֿאַר אַ קינדערש בײַכל, אַלון פֿאַר אַ פֿאַרקילונג אין האַלדז'', זש, קיסר און רבּי. ,,מע דאַרף מאַסירן די אָפּגעפֿרוירענע טיילן, מאַכן אַ וואַרעמע וואַנע מיט זענעפֿט

אָלוך

אָדער אַלון,,, פֿגעז, ווילנע 1 1929, No. אַ־ א ו י ג ן — אָן גלאַנץ, אָפּגעלעבּט, מיט אַ מאַטגרויען קאָליר, ענלעך צו אַ'. ,,געזײַטלט בייזלעך ד אַ־א, בּײַם דרייען די האַרטע וואָנצעס,,, בּערג,

בײַם דניעפּער II. אַ'־וו אַ ס ע ר — וואו מע
האָט צעלאָזן אַ'. אַ'־וו, צום רייניקן. אַ,־ע ר ד.
געבּרענטער אַ, — באַפּרײַט פֿון דעם וואַסער
אין אים. אַלוני'ט — מינעראַל מיט אַלון.

אָלוך — דער, ־עס. רומיצ. שוטה, טיפּש. זייער
טעמפּער. „— ניט סתּם אַן אָ', דעם קייסערס
אָ'! — ניין, אַן אָ, פֿון זײַן ליבּן נאָמען,,, רייד.
[איבּז o□[O□1e6e][□ □][□נ]נ □ □ .c]

אלול — [עלול] דער, ־ס. >נחמיה, ו, 15.
צוועלפֿטער חודש פֿון ייִדישן יאָר (גערעכנט
פֿון תּשרי) אָדער זעקסטער (גערעכנט פֿון ניסן).
א, איז חסר, האָט נײַן און צוואַנציק טעג. צוויי
טעג ראָש־חודש [וואָס איז חל אין אבד"ו —
זונטיק, מאָנטיק, מיטוואָך פֿרײַטיק]. זײַן מזל איז

,

בּתולה — אַ יונגפֿרוי פֿאַלט אויס אין

אויגוסט□

סעפּטעמבּער. [אין דער תּקופֿה פֿון בּית־שני
פֿלעגן די שליחים פֿון בּית־דין אין ירושלים
זיך אַרויסלאָזן קיין חוץ־לארץ און אָנזאָגן ווען
מע האָט מקדש געווען דאָש־חודש, כּדי מע
זאָל וויסן, אַז ראָש־השנה איז דער דרײַסיקסטער

טאָג, ראָש־השנה, יח/ב.] א, און אָדר הייסן
צוויי כלה־חדשים; דאָס לערנען פֿון די פֿינף
פֿאַרגאַנגענע חדשים האָט זיך געענדיקט און מע
האָט אָנגעהויבן... איבערצוחזרן. א, איז אַ
חודש פֿון תּשובֿה און חשבון־הנפֿש ווי אַ הכנה
צו די ימים נוראים. [די חז,,ל האָבן
אויסגעטײַטשט א, לויטן נוטריקון: ,,אַני לדודי ודודי
לי" (שיר השירים, ו, 3) — איך (געהער) צו
מײַן פֿרײַנד, און מײַן פֿרײַנד — צו מיר, ווי
אַ סימבאָל פֿון התקרבֿות צווישן מענטש און
גאָט (בין אָדם למקום).] מע בלאָזט שופֿר
— תקיעות־רשות   פֿון צווייטן טאָג ראָש־חודש
. □
ביז ערבֿ ראָש־השנה. מע זאָגט אינדערפֿרי און
פֿאַרנאַכט — ביז שמיני־עצרת — נאָכן דאַווענען
דעם מזמור ,,לדוד ה, אורי וישעי" (תּהליס,
כז). בײַם שרײַבן אַ בריוו גיט מען צו אַ
וואונטש: ,,אַ כּתיבֿה וחתימה טובֿה,,. עס איז
אַ מנהג צו גיין אויף קבֿר־אָבֿות. מע שטייט
אויף צו סליחות די לעצטע וואָך פֿון חודש,
אָדער דעם זונטיק פֿון דער פֿריִערדיקער וואָך,
ווען ראָש־השנה פֿאַלט אויס זונטיק, מאָנטיק
אָדער דינסטיק. אין טייל קהילות □לעגט מען
זאָגן סליחות דעם גאַנצן חודש [בעל הטורים,

דבָרים, ל,]. „אַ גאַנץ יאָר דאַרף זײַן (אָדער: דאַרף מען זיך נוהג זײַן ווי אין) חודש א', און א אַליין איז דאָך טאַקע א'“, ר, ימtראל סאַלאַנ,
טער. „ראָש־חודש א, ציטערט אַפילו אַ פיש אין וואַסער“, שוו. [אויפן סמך פון “מקרטעא כהדא חפיתא“, שיר־השירים רבה א, 4.] „דער חודשא, גייט אַוועק און דער בעל־הבית בלייַבט פּאָרט אַ בעל־הבית“, שוו. “אַ גאַנץ יאָר וואָס מע טוט, מע קוקט זיך גאָרניט אום / אָבער ווער עס האָט אין זיך נאָר אַ פינטעלע ייִד, / ווערט ראָש־חודש א, פרום„ פל. „ראָש־חודש א, איז ראַש־חודש
,
באָבעק [= שרעק]“ פוול (גאַליציע). „חודש א,
,

איז... אַ צײַט ווען פאַר ייִנגלעך שטעלט זיך דער גרויסער יריד“, ממוס, ווינטשפּ. „אפשר ווייַנט ער וואָס זײַן האָפענונג איז בלויז א, דער בית־עולם?„, אַר, 'מײַן צוריקקער אַהיים'. „מיטן ערשטן... בלאָז פון שופר... האָט [מען]... כסדר געהערט זיפצן און קרעכצן, בהסכם מיט

דער טראַדיציע וואָס טײַטשט אויס די ראָשיתיבֿות פֿון א, — אוי לי, וויי לי", גרשוס באַדער, ייבל ׳יXXXI. „אין חודש א, פֿלעגן אָנקומען אין די שטעטלעך מוכרי־ספֿרים, צעלייגן זייער סחורה: רומ"ל, סידורים, מחזורים, חומשים, סליחות, תּחינות, שופֿרות, טליתים און אַנדערע תּשמישי־קדושה,,„ ז. בּזשאָםטאָוויעצקי, ייִדישע פּרעסע, אַנטווערפּן 1927.

א׳־אַוויר — דער. לופֿט פֿון א׳. געניצט מיטן בּ: אַטמאָספֿער, קאָלאָריט. ספּעצ. עמאָציאָנעלע שטימונג מיטן אָנקום פֿון די ימים נוראים, געמיט פֿון חשבּון־הנפֿש, עצבֿות און פֿאָרכט פֿאַרן יום־הדין.

א׳־טעג — „די גאַנצע א׳־ט, גייען זיי דאָ אַרום אויף דעם בּית־עולם", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „אין די שולן און בּתי־מדרשים פֿלעגן די מתפֿללים זיך לאַנג שאָקלען איבּער אומעטיקע 'ה, אורי וישעיס"... אוי, אַ סייעתּא דשמיאI פֿלעגן ייִדן פֿחדימדיק אָפּקרעכצן. און

.

ווען נאָך איז אַזאַ שעת־רצון אויבּ ניט אין די א׳־ט,?", ז בּזשאָסטאָוויעצקי, ייִדישע פּרעסע, אַנטווערפּן 1927.

א׳—פֿעדעס — די. שפּינוועבּס וואָס טראָגט

זיך סוף־זומער אין דער לופֿט. „אין דער רחבֿות טראָגן זיך א,־פֿ'“, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער.

א'־צײַט — די. חודש א', סוף־זומער. „שוין א'־צ,, דער וועג איז מחילה געדריפֿעט“, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.

א'־ריה [רייאַך] — דער, מצ: א'־ריחות [רייכעס]. געניצט אויך מיטן בּ: שטימונג, געמיט פֿון חודש א'. „שבּת־מברכים א'... האָט זיך שוין אָנגעהויבּן פֿילן דער א'־ר'. עס האָט... געבּלאָזן אַ תּשובֿה־ווינט“, לדבּ, נ“י 1957.

אלולדיק — אַדי. וואָס איז שייך צו אלול,

□

אַסאָציאירט זיך מיט, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אלול. אַן א'ער קרעכץ. „איך זוך די ייִדישע גאַס וואָס פֿלעגט... אָנהייבּן ציטערן... אין די א'ע טעג“, בּעמ III. „אין זון צעשפּילטער פֿרײַ ווערט א'ער פּחד זוניק, צינדנדיק“, מבּאָ, דער גייער. „אין זייערע הערצער האָט נאָו געקלונגען דאָס שאַלן פֿונעם א'ן שופֿר“, הל, 'דער וואָלף'.

אָלוס, □י ל□)ס — דער. מצ נבּ. אדיך:

.<vi□riolum ole□m .

געאלי(

אָליום, אָ

דיכטע, אײליקע, אָנקאָליריקע אָדער ברוינלעכע

פֿליסיקייט, שוועבלזײערס — M2 8O4;

פּראָדוצירט פֿון שוועבל־דיאָקסיד. גלעזער מיט אָל□ם

צווישן די טאָפּלראַמען פֿון פֿענצטער, די שויבן

זאָלן ניט פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון פֿראָסט. "ער האָט

איר אומגליקלעך געמאַכט, האָט זי אים

אויסגעברענט די אויגן מיט אָלים", רייד (ווילקאָמיר,

אַלון־בכות

ליטע). „אָלום... איז דער וויכטיקסטער פֿון

אַלע זויערע. דער אינדוסטריעלער פּראָצעס פֿון

אַ לאַנד ווערט מיט רעכט געמאָסטן נאָך דער

גרייס און וואָג פֿון שוועבל־זויערע וואָס דאָס

לאַנד פּראָדוצירט„, ס פֿײנסטאָון, כעמיע, נ„י

.

1920. "שהרי מכל דבר מוציאין שמן ואפילו

מאבנים (והוא הנקרא אָלים)„, הרב מליאַדי

ר, שניאור זלמן, לקוטי תורה, זשיטאָמיר 1848.

„דײן געוויין וואָס איז געפֿאַלן אין מײן אויג..

אַפּל ווי אָלים„, סוצ, סיביר. „מע ניצט אָלין

ניט בלויז צום שוואָלן נאָר צום גאַרבן אויך,,,
וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט,
פּעטר, 1922. אָלין־ל ע ד ע ר. אָלין־ר י מ ע ן.

אַלומינ יום — דער, ־ס. אויך: אַלו'מינום.
[אַלומיני, נר.] <איי <ל. לײַכטער,
זילבער־ווײַסער גלאַנציקער מעטאַל פֿון דער גרופּע
ערד־מעטאַלן. זייער פֿאַרשפּרייט אין באָדן.
ראָסט ניט און ווערט ניט געשעדיקט פֿון הייס
אָדער קאַלט וואַסער. זייער וויכטיק אין
אינדוסטריע פֿון אַ, מאַכט מען כלים, טיילן פֿון

.

עראָפּלאַנען אאַ. זײַן סימבאָל — Al, אַטאָמישע
וואָג 26.98, אַטאָמישער נומער 13. ,,אַ'... איז
קאַרגע דרײַ מאָל אַזוי שווער ווי וואַסער און
איז איינער פֿון די לײַכטסטע מעטאַלן,,, ס
פּײַנסטאָון, כעמיע, נ,,י 1920. ,,אָדלערס פֿון אַ, פֿאַלן
אַראָפּ“, עק. אַ'־בראָנדז. אַ'־מעש. אַ'־פ אַ פּ י ר.
־אַ'ט, ־י'ט — דער. מינעראַל וואָס האָט
אין זיך אַלומיניום. ־יזירן — טרוו.
אויסמישן, דורכנעמען מיט אַלומיניום. ־יש —
אַדי.

אַלומנ וס — דער, מצ. ־י [אַם — אַלאָמניַ].
-
ונ אַ. גראַדואירטער פֿון אַ ספּעציעלער שול,

-

קאָלעדזש, אוניווערסיטעט. „איז דאָ אַן
אַמאָליקער בערנער סטודענט וואָס שרייַבט נישט?
פֿאַרטראַכט ער זיך און זאָגט: — ניין, נישטאָ
אַזאַ, על־כּל־פּנים נישט פֿון אונדזערע אַלומני"„

מנק, מײַנע באַגעגענישן

אלו מציאות שלו — [אײלו מעציִעס שעלוי]
זאַך. תּח. <בבֿא מציעא, ב, א.   ,די דאָזיקע
מציאות זײַנען זײַנע', ד"ה, געהערן צו דעם
וואָס ער האָט זיי געפֿונען. ערשטע ווערטער
און נאָמען פֿון צווייטן פּרק אין מסכתּא בבֿא
מציעא [לויטן דין איז מען מחויבֿ אָפּצוגעבן
יעדע געפֿונענע זאַך; אויב אָבער מע ווייסט ניט
ווער ס'איז דער בעל־הבית, דאַרף מען
אויסרופֿן, און ווער עס גיט סימנים — באַקומט זי.
נאָר טאָמער האָט ניט ד אַבֿידה קיין סימנים
,
(למשל, פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע מטבעות) נעמט
מען אָן אַז דער אייגנטימער האָט זיך מייאש
געווען און די מציאה געהערט צו דעם
געפֿינער]. איר. „א, מ, ש ל א [מיט אַן א] — טײַערע
מציאות האָסטו אײַנגעהאַנדלט„. אין חדר פֿלעגט
מען אָנהייבן לערנען גמרא מיט א, מ'. "יונגע
קינדער... לערנען די דינים פֿון א, מ', וואָס

דאַרף מען טאָן ווען מע געפֿינט אַ מציאה אין גאַס...“, אַ. מענעס פֿאָר, 6 □ 1967.

—

אַלון־בכות — [אַלוין־באָכוס] דער. <בראשית, לה, 8. 'אייכנבוים פֿון געוויין, [תּי, דאָרטן: „דבֿורה, רבֿקהס אַם איז באַגראָבן געוואָרן...

אָלו'נט

אונטער דעם אייכנבוים און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען אַ'־ב'“]. געניצט מיטן בּ: נעקראָלאָג. “ער האָט דערזען אין דער העבֿרעאישער קאָרעספּאָנדענציע אַן אַ'־ב, אויף אַ לעבעדיקן מענטשן„, ייִפֿאָל, 12 1887, No.

אָלו'נט — דער. מצ נבֿ. <? טײַוולסקייט, חלבנה, גאַלאַבאַן. קלעפּיקער אייל מיט אַ שלעבטן ריח.

אַלונקה — [אַלונקע] די, ־קות. <ביצה, כה/כ. 1. פֿאָטערשטול. 2. אין א„י טראָגבּרעטל מיט שטאַנגען פֿון ביידע זײַטן.

אַלוסנע — די, ־ס. <ליט. שטאַנג

אונטערצושפּאַרן אַ לייטער פּפֿ: דאַר ווי אַן אַ, —

ווענן אַ דאַרער מיידל (שאַקי, ליטע).

אַלוף — דער, ־ים. >בּראשית לו, 15 אאַ.
1. הויפּט, פֿירשט, עלטסטער. ערן־טיטל פֿאַר אַ תּלמיד־חכם. "ער האָט געטראָגן דעם טיטל אַ', וואָס מיינט, אַז ער איז געווען דער ראָש פֿון אַ העכערער אַקאַדעמיע,,, דוד דרוק, די מפֿרשים פֿון דער תּורה I, וואַרשע 1936. ,,דער אויפֿוואַך פֿון די אַלופֿי־י□)ראָל וועט אַרויסרופֿן... דעם אויפֿרודער פֿון אונטן צווישן רבֿבֿות אַלפֿי־ישׂראל,,, ז. בּרושי, צוק, דעצ, 1967.
2. טיטל פֿאַר אַ ראָש־הקהל, אָדער פֿאַר אָ פּרנס בּכלל. ,,יעדע ייִדישע קהילה האָט געהאַט אַ'ים, דיינים, גבאי־צדקה, וואָס שטאָט פֿלעגט זיי אויסקלייַבן חול־המועד פּסח דורך אַ קלפֿי מיט בוררים,,, מרדכי בן הלל הכהן, מאַמ□ ולשון. ,,ווען דיא יתומים גרושׂ ווערין אודער מן זאָלל זיי חתונה מאַכן, דא זאָלין די אַ'ים אונ אַפּוטרופּסים דען רו,,ט אנצייַגין איין חודש

,

דר פֿיר", תּקק. ,,דז זלכי מעות זאָל...
איטליכר בּרענגין אודער שיקן להאַ'ים, גבּאיצדקה,,, 'פּנקס קהילה אה,,ו', תּפ"ה, כּרוז סב [ייִבֿל XXXIII]. ,,האָב איך צוזאַמענגענומען די ראָשים און די מנהיגים און די אַ'ים און מיר האָבן מחזק געווען דעם איסור [צו קויפֿן רבנות

פֿון שׂררה]“, ר, יוס־טובֿ ליפּמאַן העלער, מגילת אי▯ה, לובלין 1895.
3. נגיד, גבֿיר. „זײַ ניט אַזוי תּקיף, רעכעלע! דײַן טאַטע איז מער ניט קיין אַ„ נאָר אַ קבֿצן„, באַש, דעך ▯Iטן אין נאָריי.
[אין מדינת־ישׂראל ווערט אַ, און מיט צוגאָבֿן צו דעם וואָרט גענוצט פֿאַר פֿאַרשיידענע הויכע ראַנגען אין דער אַרמיי.]
אַ, התורני — [... האַטויראָני] דער. 'האַר (שׂר) פֿון דער תּורה'. “שׂמחת־תּורה האָט מען געטיילט הקפֿות און אַלעמען אויפֿגערופֿן אויף אייגענעם שטייגער: [יעמוד] אַ, ה,; אין בעסאַראַבישן ייִדיש האָט דאָס אויסרופֿעניש געקלונגען 'אָלעוואַטרוני'“, אפֿא, טמז, 14X 1965.
אַ'י־הקהל — עלטסטע פֿון דער קהילה, פּרנסים.
אַ־נעורים — [... נעאורים] דער. < ירמיה, יג, 4; משלי, בֿ, 17. 'האַר פֿון דער יוגנט..
1. יוגנטפֿרײַנד. איבעררײַסן מיטן אַ־נ„ זיך איבערבעטן מיטן אַ,־נ, פֿאַרלאָזן דעם אַ,־נ', זיך
,
אומקערן צו דעם אַ־נ'. 2. מאַן (פֿאַרצערטלט), וואָס אַ פֿרוי האָט מיט אים חתונה געהאַט

אין די יונגע יאָרן. „מיט טרערן האָט זי דערמאָנט איר פֿאַרשטאָרבענעם אַ'־נ'"..

אַל(ו)קות — [עלאָקוס, אין טראַדיציאָנלען אַרויסרייד. אַנשטאָט: עלאָהוס] געטלעכקייט. „יעדער ייִד אין פּנימיות פֿון פינטעלע פֿון זײַן האַרץ וויל זײַן פֿאַרבונדן ביחוד גמור מיט א'"„ לדבֿ׳ נ„י תּשי"ז. א, בגילוי — [... בייגילוי] געטלעכקייט אין אַנטפּלעקונג. א, ממש — [... מאַמעש] געטלעכקייט וואָס מע פֿילט בחוש.

אַל(ו)קי־ישׂראל — [עלאָקיי־ייִסראָעל] 'גאָט פֿון ישׂראל'. ← אלוהי ישׂראל. "מינים און אַפּיקורסים וועלכע האָבן ניט קיין חלק אין א'־י'"„ תּניא, 82, 164.

אַל(ו)קיס היים — [עלאָקים כאַייִם] ← אלוהים חיים. 'לעבעדיקער גאָט'.

אַלו'ר — [ווייכע ל] די, ־ן. <איי <פּר. ,אופֿן פֿון גאַנג'. אופֿן באַנעמען זיך (וואָס האָט אַ כּוח צוצוציִען). אַ דאַמע מיט אַן אַריסטאָקראַטישער אַ'. "יעדע וויסנשאַפֿט האָט די שטרענגסטע אַ'ן פֿון אַ גרויסער, זייער אומאָפּהענגיקער, זייער רײַכער דאַמע", ד'אַברוצי,

זיגזאַגן,
נ״י, יאָר? פֿרגל אַליור.

&#xfffd;

אַלז — קאַנ. אַרכ. א יי ן אופֿן אויסליי&#xfffd;ן
אַ ל ס (←). „דוא בישׂט גלײַך אַ, איין אַלמנה,
און, דײַן מאַן לעבּט נאָך״, מבּ, מעשׂה סח.
„אַלי פּסוקים צו זאָגן... אַ, וויא מן עשׂ זאָגט
... און אַזו גשווינד אַ, איין פֿאָשׂט גויל

,

[= פֿערד]״, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ
תּס״ד, עג/ב.

אַלזאָ — אַדוו. קאָנ. 1&#xfffd; .M&#xfffd;d: als. אַרכ
אַזוי, אַזוי ווי. אויף אַזאַ אופֿן. ״זיא וואָלט ניט
עשׂן נוך טרינקן, זיא ווײנט אַלזוא הייש״,
שמואל־בוך, סטראָפֿע 18. „שפּריך: אַלזאָ אַז
איך ור ברען דשׂ קוועק זילבּר אַזו זול אויך
ברענן...״, ,כ״י ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא,
No 17]. ״אַלזו זאָל מאַן טון איינם איטליכן
מאַן...״, יוסיפֿון, אַמשט 1661, מב. „אַלזו
בלד [= אַזוי באַלד] איבּר צוג זיך דער הימל
מיט אייטל וואָלקן,„ מבּ, מעשׂה צו. ״החת[ו]־
נה... דאז אונטר יהודים נאָך ניט אַלזו
פּרעכטיג איזט צו גנגין״, גה, 321.

2. אַרכ. דטשמ [שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין פּד]. בּכן. וּבכן. לכן. על־כּן. ממילא. הייסט עס. הכּלל. „אַלזו האָבּן מיר אים... אונטר וויזין לקצת...“, גה, 75. „אַלזו האָט ער מורא גיהאַט איין וואָרט צו רידן“, ע)ה, יג/א. „אַ, האכ מוזן איין שליח מיוחד שיקן פֿאַר איר“, פּבּ, 1764 [ענגליש. פֿובּל, פֿון ייִד, היסט, געזעלשאַפֿט XXXI]. „אַ', אַז דער בּרודער זײַנער וועט קומען“ פֿמ. „ער וואַר אויך דער שוחט פֿון

,

שטאָט און האָט אַ, געכיטכעט די קינדער מיט די רינדער“, אמד, די שטאָט הרס, ווילנע 168.

„אַ, האָט זיך אים געדוכט אַז ער וועט לערנען מיט אַזאַ מין פֿלײַס“, ט. קאַמינסקי, אַ בּיאָגראַפֿיע פֿון אַ)ראָל־קלען, קיִעוו 1913. “אַלזוי גיי דיר פֿונוואַנען דו בּיסט געקומען“, שלמה פּראַג, איינע נײַע געשיכטע פֿון פֿראַסט, ...

אַלזשיריע

וואַרשע תּר„ל. [אַלזוי — פּרוּוו צו פֿאַרייִדישן אַלזאָ נר.]

3. אַרכ. דזוו א ו י ך. "אויבּר האַלבּ דער
גרובּן איין גרובּ אַלזו", 'כּ,,י מלכים־בּוך,, 16.
י"ה (ווילמערסדאָרף).
אַלזאַם — קאָנ. אַרכ. אַזוי ווי; פּונקט אַזוי
ווי. ,,טרוג ער... איין שטאַנג דיא וושׂ אַל זאַם.
אונ, דיק אונ, לאַנג אלז איין זעגיל בּוים",
שמואל־בּוך, סטראָפֿע 331.
אַלזגוטע — מייִ. וונ פֿון גוטע, גיטלין.
אַלזײַטיק — אַדי. וואָס איז פֿון אַלע זײַטן
-
(שטאַנדפּונקטן, קוקווינקלען אע). אַלץ־
אַרומנעמיק. אַן אַ, וויסן. בּאַטראַכטן אַ פּראָבּלעם אַ'.
אַ, פּרעזענטירן אַן ענין. אַ דערציאונג וואָס
שטרעבּט צום אַ'־אַנטוויקלטן מענטשן. ,,אַן אַ'ע
קולטור הייסט אַז קיין צווײַג פֿון דעם
מענטשלעכן... שאַפֿן זאָל ניט פֿעלן אין איר,,,
זשיט I, נ,,י 1920. ־יקייט — פּרעטענדירן
אויף אַ, און אויסשעפּנדיקייט.
אַלזעריש — אַדי. נעאָל. וואָס זעט אַלץ,
איז מסוגל צו זען אַלץ. ,,ס'האָט די האַנט אַ,
געשוועבּט אַרום דעם רעגן,,, סוצ, אַ
פֿײַער,

וואָגן'.

אַל זר — [אייל זאָר] דער, ־ים ־ים. <תְּהלים, מד, 21. 1. פֿרעמדער גאָט. אָפּגאָט. “
פֿאַרמײַדט אײַך פֿון אַזוי אַ מענטשן וואָס האָט פֿאַרצוקט זײַן נשמה מחמת זײַן כּעס און האָט זי מטמא געווען מיט דעם א, ז“׳, נוצ. [בּאַזירט אויף: 'כּל הכּועס כּאילו עובֿד עבֿודה זרה'.]
2. סימבּאָלישע בּאַצייכענונג פֿאַר דעם יצרהרע. „איזהו א, ז'?... זה יצר הרע„, שבּת, קה/ב. ניט קענען גובֿר זײַן דעם א, ז,.
3. סימבּאָלישע בּאַצייכענונג פֿאַר אָפּפֿרעמדונג פֿון ייִדישקייט, פֿאַר אַסימילאַציע. „דער קאַמף קעגן די קרענק וואָס ליגן אין אונדז, דער א, ז,..„, ז. מנירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. מיט דעם זעלבּיקן בּ — א, נכר ..
אַל הנון — [... כּאַנון] דער. <יונה, ד,
2. 'לײַטזעליקער גאָט', תּי. א, ח, איז מײַן עדות. „ווי יושרדיק דו טעכערסט אויס די וואָכן און מעת־לעתן, און מיך אַפֿילו האָסטו, גאָט, א, ח, ניט פֿאַרגעסן„, הר פֿאַרנאַכט. „א, ח',
-
,
הייליק אַן אַנדער לאַנד... מיר האָבּן אַלע פֿעלדער... מיט אַש, מיט הייליקן בּאַשאָטן. מיט זקנים און מיט יונגע, און מיט עופֿעלעך

באַצאָלט פֿאַר יעדן אות פֿון דײַנע צען
געבאָטן״, מאָל, לידער פֿון חורבן, ת״ש—תש״ה, ת„אָ
1962. אויך: אַל הנון ורהום — [...
וויראַכום] דער. 'לײַטזעליקער און
דערבאַרעמדיקער גאָט'. „איז דאָך פֿאַראַן אַ גאָט אויף
דער וועלט, אַן א, ח, ו'״, שע, טבֿיה. מיט דעם
זעלביקן בּ — א, רהום, א, רהמן ←.
אַלזשיריע — גג. לאַנד אין צפֿון אַפֿריקע
-
בײַם מיטלענדישן ים, צווישן טוניס און
מאַראָקאָ ביז טיף אין אַפֿריקע, ביז מאַלי און
ניגעריע, מיט אַ געמישטער אַלט־געזעסענער
באַפֿעלקערונג פֿון אַראַבער און בערבערישע שבֿטים.
פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 2,205,000 קוו, קמ'.

אלהנן

הויפּטשטאָט — אַלזש▯ר. זינט ערשטן פּערטל
19. י״ה ביז יולי 1962 געווען אָנגעשלאָסן אין
פֿראַנקרײַך. [1962 —11,500'000 אײַנוו', 130,000
ייִדן, 1968 — 3,000 ייִדן] ייִדן אין אַ, זינט די
צײַטן פֿון בית־שני. אין שפּעטערדיקע י״ה האָבן
אַהין געשטראָמט ייִד, אײַנוואַנדערערס פֿון בבֿל,
פּערסיע. זינט דעם 14. י״ה — פּליטים פֿון דער

אינקוויזיציע אין שפּאַניע. דער מצבֿ איז געוואָרן בעסער אונטער פֿראַנצייזישער הערשאַפֿט; אין 1870, אַדאַנק קרעמיע, האָבן ייִדן באַקומען פֿראַנצייזישע בירגערשאַפֿט. נאָך דער זעלבשטענדיקייט — רדיפֿות אויף ייִדן וואָס האָבן ביסלעכווײַז אויסגעוואַנדערט קיין פֿראַנקרײַך.

אלהנן — [עלכאָנאָן] מענער־נאָמען. <שמואל בֿ, כא, 19 אאַ. 'גאָט דערבאַרעמט זיך'. ר, יצחק א,.

אַלהריזי — ר, יהודה בן שלמה (1165—1233). רעליגיעזער דענקער, פּייטן און איבערזעצער. זײַן הויפּט־ווערק 'תּחכמוני', איז אַ זאַמלונג פֿון משלים, פּיוטים און דערציילונגען.

אַלט — אַדי. Mhd: alt. 1. וואָס איז שוין אין דער לעצטער לעבנס־תּקופֿה, נאָך די מיטעלע יאָרן. היפּוך פֿון יונג. אַ'ער מאַן, רבֿ, בעדער אאַזוו. אַ'ע ייִדענע, צדקת, רכילותניצע אאזוו. אַ, און יונג; יונג און אַ,. זײַן גרוי און אַ', אַ, און גרוי. מאַכן עמעצן גרוי און אַ'. אַ, און זאַט אין יאָרן [זקן ושבע ימים]. אַ, און זאַט אין מצוות און מעשׂים־טובֿים. אַ, און (ניט) אָנגעזעטיקט מיט עבֿירות. "אַז דו ועסט אַלץ (וועלן) וויסן, וועסטו גיך (באַלד) אַ, ווערן", פֿוול [ווען אַ קינד, אַ יוגנטלעכער קומט מיט אַ סך פֿראַגעס].

“איך בין שוין געווען יונג, דו ביסט נאָך ניט
געווען אַ'““ □וול [אַן ענטפֿער פֿון אַן אַ'ן, ווען

ʼ

אַ יונגער גיט אים אָנווײַזן, עצו□]. „מײַנע
שׂונאים זאָלן ניט אַ, ווערן“, קללה. „דאָרט זיצן
צוויי אַ'ע לײַט און ברעכן זיך די הענט“ פֿל.

ʼ

ש ט אָ ק־אַ', ש ט יִי ן־אַ, = זייער אַלט. פּאָד,
אוקר. „איינע וואַר אין יונגע יאָרן, די צווייטע
אָבער וואַר שטאָק־אַ'„ א. פּאַוויר, גדולת יוסף,
יוזעפֿאָוו תקצ״ח, כ/ב. „איר זײַט אַן אַ, ייִנגל,
איך בעט איבער אײַער כּבֿוד“, ממוס, שלמה
[= איר זײַט טאַקע שוין אַלט, אָבער איר
טראַכט אָדער איר פֿירט זיך וו אַ ייִנגל].

ʼ

*וו אַ, זײַט איר? = וויפֿל יאָר האָט איר שוין

ʼ

געלעבט? „ווי אַ, זײַט איר עד מאה ועשׂרים,
ביז הונדערט און צוואַנציק?“. „— ווי אַ, ביסטו
(זײַט איר)? — צייל דײַנע ציין“. „אַז איך בין
אַ, געווען דרײַ יאָר, האָט מיך די מאַמע אין חדר
גע□ירט; הײַנט, אַז איך בין אַ, געוואָרן איין
און צוואַנציק יאַר, בין איך שוין אַסענטירט“,

□ל. „דאָס ייִנגעלע איז אַ אַ יאָר מיט אַ

,

שפּאַלט“ □וול — ווען מע פֿרעגט וויפֿל דאָס

,

קינד איז אַלט.

שוו: “ווי מען יונגערהייט זיך האַלט — אַזוי ווערט מען אַ'“; „אַז מע וויל ניט אַ, ווערן, זאָל מען יונגערהייט זיך אויפֿהענגען“; „אַ, זאָל מען ווערן, אָבער ניט זײַן“; (שפּאַסיק) “אַ'ע לײַט זאָלן ניט געבוירן ווערן“ [בײַם קלאָגן זיך אויף שוואַכקייטן, חולאתן פֿון אַלטע יאָרן]; „פֿון

1366

יאָרן אַליין ווערט מען אויך אַ'“; „צום לערנען איז קיינער צו אַ'“; „וואָס אַ, אין ניט יונג“; „אַז מען איז אַ', איז מען ניט יונג„; “וואָס די אַ'ע קײַען טוען די יונגע שפּײַען“; “אַ'ע קײַ, יונגע שפּײַ“; “ד אַ'ע קײַען און די

,

יונגע שפּײַען“; “וויל מען אַ, ווערן, זאָל מען אויף דער נשמה און גוף אַכטונג געבן„; “מע וויל זיך עלטערן, אָבער מע וויל ניט זײַן אַ'“; “וואָס נײַ איז געטרײַ, וואָס אַ, איז קאַלט“; “

איידער מע ווערט זיבּעציק יאָר אַ', קומט אַלץ פֿאַר די אויגן``; ``אַ'ע לײַט זעצט מען אין דער זײַט``; ``קיין (אַן) אַ'ע ייִדענע גיט מען ניט קיין פֿעטע יויך``; ,,אַן אַ'ער ייִד אין שטוב איז אַ בּרכה, אַן אַ'ע ייִדענע אין שטוב איז אַ געסרחה`` [פֿרגל ערכין, יט/א: ``סבא בּבֿיתא פּאָחאָ...,,]; ``אַן אַ'ער מאַן אין הויז איז קריג, אַ גוטע אַ'ע פֿרוי אין הויז איז מזל``; ,,נאָר פֿון אַן אַ'ן מעג מען לאַכן, ווײַל מע קאָן אויך אַ, ווערן``; ``מענטש, שטענדיק פֿאַרגעסטו וו אַ, דו בּיסט``; ``אַז אַן
י
אַ'ער מאַן נעמט אַ יונג ווײַבּ, ווערט דער מאַן יונג און דאָס ווײַבּ אַ'``; ,,בּעסער מיט אַ'ע בּעטלער איידער מיט נײַע סוחרים`` [= די אַ'ע בּעטלער זײַנען מער פֿאַרלאָזלעך]; ,,יונגע שפּילערס אַ'ע בּעטלערס``; ``אַ'ע לײַט טראָגן די אויגן

אין קעשענע און די פֿיס אין די הענט`` [אַ'ע לײַט זײַנען קאַרג; עס איז זיי שווער צו גיין]; ``אָפֿט פֿירן אַ'ע פֿערד די פֿעל(ע)כלעך פֿון די יונגע``; ,,אַזוי ווי דער אַ'ער האָן קריי(ע)ט, אַזוי קריי(ע)ט דער יונגער`` [= ווען דער טאַטע איז אַן עזות־פּנים איז אויך דער זון]; ,,זײַ אַ,
י

ווי אַ קו און לערן זיך צו“; “אַ יונג בּיימעלע
בּייגט זיך, אַן אַ'ס בּרעכט זיך“; “אַן אַ'ער איז
אַ קאַלטער„; „וואַסער ווערט ניט זויער און אַ
מאַן ווערט ניט אַ'“.

2. וואָס איז שוין אין שפּעטערע יאָרן, ווי
מע וואָלט געדאַרפֿט זײַן. אַן אַ'ער בּחור. אַן
אַ'ע מויד (מאַד, מיידל); “גאָטס וואונדער: פֿון
אַן אַ'ער מויד ווערט (איז געוואָרן) אַ יונג
ווײַבל„; “פֿון אַן אַ, מיידל ווערט אַ יונג ווײַבל“;

„פֿון אַן אַ'ער מאַד (מויד) ווערט אַ געטרײַ(ע)
ווײַב“; “אַן אַ'ע מויד איז געגליכן צו אַ
פּאָסטרעסטאַנט־בּריוו; קיינער קומט ניט נאָך איר“;
„אַז אַן אַ'ער בּחור שטאַרבּט, האָבּן מיידלעך
אַ נקמה“, שוו.

3. וואָס מע קען שוין פֿון לאַנג פֿריִערדיק

.

טראַדיציאָנעל, אַמאָליק. היפּוך פֿון נײַ, היפֿוך
פֿון מאָדערן. וואָס דינט ווי אַ סימן
אָפּצוזונדערן פֿון דעם וואָס איז איצטיק, וואָס
איז פֿריש. אַן אַ'ע מעשׂה. אַ'ע געשיכטע. אַן
אַ, לידעלע. אַ'ער ניגון. אַ'ער וויץ. זײַן פֿון אַ'ן

ח ד ר , זײַן פֿון אַן אַ'ער ש ו ל. גיין אויפֿן
אַ'ן ו ו ע ג. „...‚ מיר צוזאָגן מײַן מרדכין
צו לאָזן גיין אויף דעם אַ'ן דרך„‚ יהל, דער
אַפּיקורס וואַרשע 1904. אַ'ע ה ײַ ם — אין
לאַנד, שטאָט וואו מע האָט פֿריִער געלעבט. זיך
האַלטן (דאַוונען פֿון) בײַם אַ'ן ס י ד ו ר. „אַ
ייִדישע קעכין נאָך גאָר פֿון אַ'ן סידור„‚ ייִט,
פּוילן ־י. “צו איטלעכן נײַעם ליד קען מען
צופּאַסן אַן אַ'ן ניגון”, שוו. אַ מענטש פֿון אַ'ן
ש נ י ט; “ביז דו וועסט בויען אויפֿדאָסנײַ,

אַלט

בלײַב דעם אַ'ן געטרײַ„‚ שוו. דערמאָנען (
אויפֿמישן) אַ'ע ע בֿ י ר ו ת. „עס קערן זיך אום
די אַ'ע מנהגים”. זיך אַרומטראָגן מיט אַ'ע ל ו ־
ח ו ת. “עס העלפֿט ניט קיין חכמות און מיר
מוזן זיך אומקערן צוריק צום אַ'ן פּסוק”, שע,
טבֿיה. אַן אַ'ער (שטר־)חובֿ. אַן אַ'ע מחלה,
קרענק, מכּה אע. ליידיק און פּוסט ווי אַן
אַ'ער הוסט פֿירן ווײַזן דעם אַ'ן בית־עולם.

.

„זאָלסט נישט איבערבײַטן אַן אַ'ן חבֿר צו אַ
נײַעם חבֿר”, א. י. שפּערלינג, ליקוטים II,

לעמבערג תּרס,,ט.

4. וואָס געהערט צו אַמאָליקע צײַטן. וואָס
איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו) דעם (ווײַטן) עבֿר.
עס איז נאָך פֿון דעם אַ'ן פֿ ר אַ נ צ ו י ז □ אין
אַ'ן בבֿל. אַ'ער טעסטאַמענט (קריסטלעכער ט') □ ::
תנך. אונדזער אַ'ע שפּראַך = לשון־קודש. ,,זיי
ווילן אויך אויפֿפֿרישן, אויפֿלעבן דעם פֿאָלקס
א'ע שפּראַך, די שפּראַך פֿון דער תּורה פֿון
-
,
זײַנע הייליקע נבֿיאים“, ממוס, 'אַ גרויע האָר'.
,,גענומען שטודירן אונדזער אַ'ע געש□כטע...
און דעם לעבן פֿון די וואָס האָבן זי געשאַפֿן
אָדער אויסגעליטן“, זשיט II, נ,,י 1912. “פֿאַר
אַ'ע יאָרן — עס איז שוין זייער לאַנג — איז
בײַ די חיות געווען אַן אונטערגאַנג“, עט,
משלים. ,,אַ שטיקל איבערבלײַב פֿון ד אַ'ע
י
מיצרים איז נאָך יאָ פֿאַראַן“, מוו, די שוואַרצע
פּינטעלעך. ,,די אַ'ע קריסטלעכע וועלט האָט
ניט געוואַגט צו צווייפֿלען“, קאָר II.

5. שוין לאַנג געניצט; אָפּגעניצט, אָפּגעטראָגן.
היפּוך פֿון נײַ. “וואָס אַ, איז ניט נײַ“. “אַ נײַ
קלייד מיט אַ'ע לאַטעס,,; ,,מיט אַ'ע זאַכן קען

מען ניט פֿיל מאַכן‘‘; ,,אַן אַ, שטיקל אַרבעט
טאָר מען אין האַנט ניט נעמען‘‘; ,,די אַ'ע זעק
וועלן ניט איבערלעבן די נײַע זעק‘‘; ,,אַן אַ'ער
שאַרבן לעבט איבער אַ נײַעם טאָפּ,,; ,,איידער
אַ נײַער שאַרבן איז גלײַכער אַן אַ'ער טאָפּ‘‘;
,,בעסער אַן אַ'ער שאַרבן איידער אַ נײַער טאָפּ,,,
שוו. ,,איז הער קומען נקיט אונ, בלוז [= נאַקעט
און בלויז], ניט מער איין העמד אונ, אַלטיז
קליידל,,, פּראָגב, 11. ,,אין אונדזערע מקומות
[אַרויסגערעדט: ,,מעקיימעס‘‘] באַלעבאַטעווען
אַ'ע ש מ ו ת ,, , רייד (אַלטער משׂכּיל, קיידאַן,
ליטע). ,,איר וועט גיין פֿאַרלאָרן... ווי פֿון
יוגנט די חלומות, ווי אין שול די אַ'ע שמות‘‘,
אַר, אַ פֿראַגע'. ‘‘ער האָט זיי געגעבן אַ'ע

,

שמאַטעס זייער שאַנד צוצודעקן,,, שאַר,
לעמבערג? יאָר? ,,אייניקע אײַנבינדערס קלעפּן
צוזאַמען אַ'ע בלעטער פֿון ספֿרים און מאַכן
דערפֿון טאָוולען. דאָס איז אַ גרויסע עבֿירה‘‘, חא,
כח/א. ‘‘ס'איז אַ נוצן... ווי איבערגיסן פֿרישן
ווײַן אין אַ'ע פֿעסער‘‘, קאמפּף און קעמפּפֿער,
זב, לאָנדאָן 1904. ‘‘אין פּעקעלע איז געלעגן
אַן אַ, אויסגעלאַטעט העמד‘‘, ממוס, ווינטשפֿ.
,,מע דאַרף אים צעטרענען דעם בויך ווי אַן אַ'ן

זאַק,,, א. קאַרפּינאָוויטש, בײַם ווילנער דורכהויף, ת אָ 1967. ,,— אָט דאָס איז אַן אײַנפֿאַל! —
,,
פֿון אַן אַ, הויז“, [ווש בײַם אָפּלאַכן פֿון אַ נאַרישער המצאה]. אַ, ג ע ל ט — א) צעריסן, צעפּליקט פּאַפּירן געלט; בּ) געלט וואָס מע האָט שוין אַרויסגענומען פֿון צירקולאַציע.

אַלט

6. מיט איינעם פֿון די בּבּ 1 — 5 געניצט ווי אַן עפּיטעט לשבֿח. אַ'ער אָדל. אַ'ע גוואַרדיע. די גוטע אַ'ע טראַדיציע. אַ'ער ק אָ פּ = ווענגן אַ קינד, אַ יונגן מענטשן וואָס טראַכט שׂכלדיק, ווייס אַ סך. אַ, ג ע מ י ט = וועגן אַ קינד וואָס פֿירט זיך אויף ווי אַ דערוואַקסענער. “אַ'ע צעלייגן און יונגע בויען איז נאָך ניט גלײַך“; ,,גאָט איז אַן אַ'ער קונצנמאַכער“, שוו. ,,ווען דו וועסט אַוועקגיין — תּהילים וועל איך זאָגן, פֿאַר דעם אַ'ן ספֿר וועל איך זיך בּאַקלאָגן“, דא, גש I, וואַרשע 1920. ,,בּעסער אַ'ער וו ײַ ן ווי אַ'ע [בּ7] כּוחות“, שוו. ,,אַן אַ'ער ניגון איז אַזוי ווי א'ער ווײַן“ פֿוול. די אַ'ע צ ײַ ט ן —
גע— ,

וויינלעך לשבֿח, זן לגנאַי. אַ'ע ליולקע = געניטער מענטש. ער איז אַן אַ ל ט ע ר — וועגן אַ וואונדערקינד.

7. מיט איינעם פֿון די בּבּ 1 — 5, געניצט ווי אַן עפּיטעט לגנאַי. אַ'ער בּעל־עבֿירהניק, בּעלתּאווהניק, צו־להכעיסניק אע. אַ'ער בּיין. אַ'ער הינער־פֿרעסער. אַ'ער שד, אַשמדאי אע אַ'ער נאַר, תּ ר ח , דונער אע. אַ'ער סי(מ)בּירניק, קרימינאַלניק אע. אַ'ער בּאָכניאַזש. אַ'ער שטורמאַק. אַ'ער שאַרבּן, שקראַבּ, טשערעפּ, שקראַנדעלע אע. אַ'ע קלאַפּטע. אַ'ע שקאַפּע. אַ'ע אניצע — אַ'ע פֿרוי. אַ'ער יענדריק — אַ'ער גוי.

.

אַ'ער ספּאָדיק, יצמח. און ווען איר מאַרשירט אויפֿן אַ'ן סדום און ווילט עס איַינרײַסן, גייט מײַן נשמה מיט אײַך“, פּרץ, 'האָפֿענונג און שרעק'.

8. געניצט ווי אַן ערשטער בּאַשטאַנדטייל פֿון אַ צונויפֿגעזעצטן אַדי. אַ אַרטיק, אַ'־בּאַקאַנט.

-'

אַ'־פֿאַרגעסן. אַ'־געשטאַנען. „אין צימער

שמעקט מיט אַן אַ־געשטאַנענער זויערקייט,,,
אי. קיפּנים איבּז, דאָס איַיז גייט, קיִעוו 1930.
אַ־פֿאַרגע'לט. אַ־פֿאַרצאָגט. אַ־צעלעכצט אאַזוו.
אָ אַ, = זייער אַלט. אַן אַ אַ'ער לאָזונג. אויך
י־ י־
מיט צונויפֿהעפֿטן־סובּ. ד אַ אָרדענונג. אויך בּיַי
י ,־
נעמען פֿון לענדער, אָנצוווײַזן אַז עס רעדט זיך
וועגן לאַנד אין אַלטערטום. אַ־מצרים, אַ־בּבֿל,
אַ־גריכנלאַנד אע. אויך מיט נעמען פֿון
שפּראַכן: אַ־כּנעניש, אַ־סלאַוויש, אַ־ענגליש.
9. אָפּט סובּ. ← אַלטע, ← אַלטער. דאָס אַ'ע
קען איבּערלעבּן דאָס נײַע. *עס בּלייַבּט בּײַם
אַ'ן = ווי געווען, אָן שינוייִם. ״עס וועט בּלייַבּן
בּײַם אַ'ן, מפּטירין כּדאתמול,,, דוד פֿלינקער,
טמז, 15 8▯19 III.
פּפּ: אַ, ווי די וועלט, ווי מעשׂה־בּראשית, ווי
דער גלות, ווי מתושלח; אַ, ווי תּרח, ווי דער
אַלטער טערק (פֿראַנצויז); אַ, ווי פֿאַר
מתּן־תּורה, ווי פֿאַרן מבּול, ווי פֿון מלך סאָבּיעסקיס
צײַטן, ווי דער בּאָבּעס מעשׂה, ווי ווען די בּאָבּע
איז געווען אַ מויד (מיידל); אַ, ווי אַ וואַלד,
דעמבּ, ווי אַ בּאָק; ווי אַן אַ, פֿערד, קליאַטשע;
אַ, וו אַ ניקאָלײַעווסקער סאָלדאַט; אַ, ווי אַ

י

שמאַטע, שלורע, צעריסענער קאַמאַש; אַ, ווי
דער מאַרק־ (שטאָט־)זייגער.
אַלט — [ווייכע ל] דער & די, ־ן. <איי <איט.
1. די. נידעריקסטע פֿרויען־שטים.
קאָנטראַלט(אָ). אויך: אַ'לטאָווקע. 2. דער. העכסטע
מענער־שטים. אויך: אַלטאָ. לירישער טענאָר.

1367

,,ס'האָט דער ייִנגסטער געציטערט מיט אַן אַ,
אַ ריינעם", אפֿא, איק, ר"ה תּשי,,ח. ,,איך האָב
געהאַט אַ שיינע אַ'־שטימע", הר□ י. י.
זיכערמאַן, נחלת יעקבֿ, נ,,י תשכ"ו. 3. אַ זינגער
אָדער אַ זינגערין מיט אַזאַ שטים. ,,... געוואָרפֿן
אַ בייזן בליק אויפֿן אַ', אַ שטורכע געטאָן דעם
טענאָר,,, אָפּאַ, 'אַ פּרינצעסין'. 4.
צווייטהעכסטער טייל פֿון אַ □ ירטייליקן געמישטן
כאָר. 5. צווייט־העכסטער אינסטרומענט אין
אַ 'פֿאַמיליע, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן:
א) וו י אָ ל אַ אין דער פֿידל־פֿאַמיליע; בֿ) אַ ל
טה אָ ר ן אָדער אַ ל ט אָ ר נ ע אין דער
קלאַרנעטפֿאַמיליע. אויך: אַ'־פֿויק. אַ'־האָבאָע. אַ'־ש ל י ס
ל

— אין נאָטן־סיסטעם אויף דער דריטער ליניע, ס'רובֿ פֿאַר וויאָלאַ.

אַלטאָג — דער. מצ נעאָל. דאָס אַלטעגלעכע (←). אָפּשניט פֿון צײַט וואָס האָט נאָר אין זיך אַלטעגלעכקייט. „און מעגן נאָך אַ'ס מענטשן, מענטשן קליינלעכע, זיך זאָגן אַז די נאַכט וועט אייבּיק הערשן“, א. ל. וואָלפֿסאָן [מינפּי III'ז, 132]. „דער אַ, פֿון גיהנום האָט מײַן יוגנט מיך צעפֿליקט“, בּראָד, 'שוואַרץ־שבת'. „אויך דער אַ, האָט זײַן תּהום„. [ניט צונויפֿמישן מיט: אַל טאָג, אַרכ, יעדער טאָג. „דער ריז קאַם מיט ולייש אַל טאָג צווייא מולט“, שמואל־בּוך.] אַ'־ח ו ר בּ ן — „אַ'־ח', דאָס איז דער גרעסטער חורבּן, ווען פֿון גאָט פֿאַרלאָזן עס שטיקט דער נפֿש זיך אין נעכט פֿון האַס“, בּראָד, איבּערגאנג. ־יק — אַדי. אַ'ע השגות.

אַלט־אײַזן — דאָס. דזוו אײַזן־בּראָכוואַרג, --

אַלט אײַזנוואַרג. „האָט ער זיך גענומען... מיט אַ'־א, צו האַנדלען“, קמ, 1866, No l7.

אַלטאָנע — גנ. שטאָט אין צפֿון־דײַטשלאַנד. . אה„ו, 51.

אַלטאַנ(ק)ע — די, ־ס, ־ן. an(k)a :a1 ..

גרינגער, קלײנער בנין זיך צו שיצן פֿון זון

-

און פֿון רעגן, הײזקע אין אַ גאָרטן, אויך אָן
װענט, נאָר מיט אַ דאַך. בײמער אַרום דער אַ'.
זיך אָפּקילן אין אַ'. „דער גאָרטן איז געװעזן
פֿאַרזעץ מיט די שענסטע אַלײען און די
פּרעכטיקסטע אַ'ן,„ ח. ל. מושקאַט, תּלמידי חכמים,
װילנע 1896. “... געפּלוידערט אין די טונקעלע
װינקלען... אין די אַ'ן געטרונקען און
געלאַכט“, פּרץ, ,װאָס מתים דערצײלן'.
אַלטאַ'ר — דער, ־ן. <איי <ל. 1.
קינסטלעך געמאַכטער הויפֿן שטײנער צו ברענגען
אויף אים קרבנות און אויך פֿאַר אַנדערע
צערעמאָניעס פֿון אַ קולט. אַזאַ אַ, האָט געקענט
זײַן אויך פֿון מעטאַל, מיט באַרעליעפֿן און
באַפּוצונגען. „צעבראָך די אומרײנע אַ'ן, זײ
זײַנען פֿאַלש, זײ אַלע נאַרן“, יהואָש, 'די נײַע
געטער'. 2. (בײַ קריסטן) טיש װאָס ניצט
דעם גײַסטלעכן פֿאַר פֿאַרשײדענע טײלן פֿון
צערעמאָניאַלן סאַקראַמענט, בײַ דער
צערעמאָניע פֿון אײכאַריסטיע (□., 1081). „אַזוי װי
בײַ אונדז ייִדן איז דער חתן מקדש די כּלה

אונטער דער חופּה, אַזוי איז בײַ די קאַטוילן אין קאָסטיאָל בײַ דעם אַ'‘‘, אמד, דיא אידען אין וואַרשויא, ווילנע 1869. „די קעניגין גייט צום

אַלט־געבאַקן

באַשטראַלטן אַ, און קניט פֿאַר די הייליקע בילדער‘‘ פּרוג II.

,

3. דזוו מזב▯ח. „די ליבע צו דיר איז מיר הייליק... אין מײַנעם הערצן האָב איך איר אַן אַ, געבויט‘‘, שמואל רעססער מווילנא, רבה, וואַרשע 1876. „און פֿון ברענענדיקן קויל, גענומען פֿון אַ', האָב איך לאַנג שוין אויף די ליפּן ניט געפֿילט דעם ריר,„ אַל II.

4. אַרכ. זן. דזוו בימה. „ידחפּו אותו מה'עלטאַר', ר‘‘ל הבּימה„, 'שו‘‘ת מהרי, ווייל', ווענעציע 1549 [הש I]. אַ'־ב ר ו י ט — די האָסטיע. אַ'־ד י נ ע ר. אַ,־ד ע ק. אַ'־וו ײַ ן. אַ'־ט י ש. אַ'־ק י ש ע ל ע.

אַלט אַרמיש — דאָס (דער). בּא (שפּראַך)

-

אַלטער וואַר אַנט פֿון מערבֿדיקן אַרמיש, וואָס

י

שפֿורן פֿון אים (פֿון 8. י"ה פֿאַר אָצ ביז דעם 4. י"ה) זײַנען דערגאַנגען צו אונדז אין אויפֿשריפֿטן און דורך אַרכעאָלאָגישע אויסגעפֿינסן אין פּאַלמירע (תּדמור אין תּנך), אין נאַבאַט (ביידע אין דער הײַנטיקער סיריע) און אויף דעם האַלבאינדזל סיני. [= אַ'־אַ, איז נאָך ביַי הײַנטיקן טאַג אַ גערעדט לשון אין דרײַ דערפֿער צפֿונדיקער פֿון דמשׂק, דער ד אַלעקט ווערט

י

באַצייכנט מיט דעם נאָמען פֿון איינעם פֿון די דרײַ דערפֿער — מעלילאַ]

אַלט־בהור(י)ש — [...־באָכערש, באָכעריש]

אדי. וואָס איז ווי בײַ (כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן אַלטן בחור. "קעגן אַ'־ב'ישער אָפּגעריסנקייט פֿון לעבן", פּראָליט, כאַרקאָוו 1931, No 4־5. "אָפּגעפֿילט אַזוי שטאַרק זײַן פֿאַרשפּילטן אַ'־ב'ן לעבן", א קאַרפּינאָוויטש, בײַס ווילנער דורכהויף, ת"אָ 1967. ־קייט.

אַלט▯בהורשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ פֿון זײַן אַן אַלטער בחור.

אַלטגאָלד — דאָס. מצ נבֿ. 1 פֿאַרב פֿון טונ.

קעלן גאָלד, פֿון נאָכגעטונקלט גאָלד. 2. גאָלד וואָס האָט אַזאַ קאָליר. ־יק — אַדי. וואָס האָט

דעם קאָליר פֿון אַ'. ־ן — אַדי. וואָס איז
געמאַכט פֿון אַ'. אַ'ענע קאַרניזן.
אַלטגלייבּיק — אַדי. וואָס גלייבּט אויפֿן
אַלטן שטייגער. "ד אַ'ע פֿרומע ייִדן", דיא
יוי
דישע פּאָסט, לעמבּערג, 16 1849 XI. אויך: אַ'ע
קריסטן — סטאַראָווערצעס ⌷ ..
אַלט־געבּאַכן — אַדי. אַרכ. דזוו דווו. ,,נעם
אַלט גיבּאַכנין גריבּניין זעמיל...,,, סור II,
כב/ב.
אַלט־געבּאַקן — אַדי. 1. געבּאַקן מיט אַ
לענגערער צײַט צוריק. פֿאַרטריקנט. ,,ס'איז
גוט אין דער נויט אַ שטיק אַ־ג, בּרויט,,, שוו.
,,א טרונק בּראַנפֿן פֿאַרבּײַסן מיט אַ'־ג'ענע
— ...
בּייגל", ממוס, שלמה. ,,וועט עסן בּרויט אַ'־ג'ס
אַ שטיקל", מלה, לידער I. "אַ כאַפּ געטאָן די
פֿאַרדאַרטע, אַ'־ג'ענע קעזקיכלעך", בּ. שלעווין,
גק, No 47.
2. ניט פֿריש פֿאַרעלטערט. אַ'־ג'ענע נײַס.
.
,,עס ווערט ניט געשוינט פֿון איר קיינע אַ'־ג'ענע
הייליקייט", אמד, דער בּן יחיד, ווילנע 1875.
"ד אַ'־ג'ענע מעשׂה מיט ר, שמעלקען איז בּײַ

י

אַלט־געבײַטלט

אים אַצינד אויפֿגעפֿרישט געוואָרן,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,נישטאָ אַ סענסאַציע וואָס ווערט ניט
אַ'־ג,‘‘, באַש, איק, ר,,ה תשי‘‘ח. אַ'־ג'קייט,
ל □.
אַלט־געבייטלט — אַדי. וואָס מע האָט

געבײַטלט מיט אַ לענגערער צײַט צוריק. ,,האָט
גענומען אַ שטיקל אַ'־ג, ברויט צו פֿאַרשלאָגן
דעם הונגער‘‘, בר־כּוכבֿא, דער פֿוטער, ווילנע
.1894
אַלט־געוואָרצלט — אַדי. דזוו דוווו. שווב
בײַם שורש 'זרח, — ,,ג. עץ רטובֿ. אַלט
גוואָרצלט‘‘.
אַלטגעזעסן — אַדי. 1. וואָס זיצט (וואוינט,
לעבט) שוין לאַנג אויפֿן זעלביקן אָרט (אין
דעם זעלביקן לאַנד, אין דער זעלביקער שטאָט).
וואָס איז פֿאַרוואָרצלט אין זײַן וואוינאָרט. אַ'ענע
פֿעלקער □ אַפֿסן. דער אַ'ענער יִדישער לייענער
אין אַמעריקע. ,,צענדלינגער טויזנטער אַ'ענע,
אײַנגעוואָרצלטע, פֿרידלעכע מענטשן,,. ,,ווי אַ

צווײַגהאַ□ טיקער אַ'ענער בוים", תּי, תּהלים, לז, 35. "... ווימלט פֿון נײַע פֿריש־אָנגעקומענע בּחורים... און פֿון בּחורים אַ'ענע, וואָס רירן זיך ניט פֿון אָרט און דאָ איז זייער שטענדיקע היים", ממוס, שלמה. אָפּט טובֿ. טוו פֿאַר 'אזרח, זינט מרכּבֿת המשנה, קראָקע 1534 [דאָרטן בּייגט זיך ניט אַ'ענער]. „איך בּין גלײַך אַז איין גר פֿר גאָט אויף דען עולם... אונ, אַז איין אַלט גזסנר גלײַך אַלז אונזר עלטרן",

עפּש□ סידור תּפֿילות II, אַמשט תק"ח, פֿה/ב. „אין 'ויקרא, שטייט: ער [דער גר] זאָל בּײַ אײַך זײַן ווי אַן אַ'ענער", חה, ב, זשיטאָמיר 1848, ז, 248. □בּ □אַרטײַטשט 'תּושבֿ, — אַלטגעזעסיקער, שנובֿ — אַלטגעזעצנער. שפּאַסיק. אַן אַ'ענער אין תּפֿיסה.

2. דזוו אַלט, לאַנג־בּאַקאָנט פֿיג. וואָס זיצט

.

שלעכט. „אַן אָפּגעטראָגן רעקל מיט... אויסגעריבּענע עלנבּויגנס, אַן אַ'ענער שניפּס", שע, אידישע שר□.בּער. „'אין לי, איז דאָך אַן אַ'ענער אויסדרוק פֿון דער היימישער יורידישער פֿראַקטיק", נפֿ, ייִפֿא, 1939, 1. „האָט איר קול ווי אַן אַ'ס זיך אַרײַנגעפּאַסט אין ווײַבּערישן כאַר",

שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'. ־קייט —
„דאָס געפֿיל פֿון באַזעסנקייט צי פֿון אַ"", יחיאל
האָ□ער, צוק, מײַ־יוני 1966.
אַלט־דײַטש — דאָס דײַטשישע לשון ביז אַן
□־
ערך אין מיטן 11. י"ה. אַלט־הויכדײַטש
— הויכדײַטש ביז אַן ערך אין מיטן 11. י„ה.
אַלטהאָרן — דער, ־ס. ← אַלט, די & דער.
אַלט־הויפֿיש — אַדי. וואָס איז (□וי) אין
אָדער פֿון אַן אַלטן הויף. "די רויטע
מאָנבלומען אונטער אונדזער אַ־ה'ן מויער", יעק□
פֿרידמאַן, ליבשאַ□ט, ת אָ 1967.

„
אַלטהיימיש — אַדי. וואָס איז פֿרן לאַנג אָן
(זייער) היימיש, נאָענט, באַקאַנט. דאָס אַ'ע
לעבן. אַ'ע מאָטיוון אין דער ליטעראַטור. „די
פֿאַרשוינען זײַנען געווען ניט קיין אַ'ע, נאָר
היגע ייִדן", שנ, דערציילערט און ראָמאַניטטן I.
"די רעדנערס נעמען אויף זיך אַליין די הכבדה

1□63

אָפּצווײַכן פֿון דעם אַ'ן אופֿן ריידן„, ימ,

ייִשפּ XI, ז, 10 ־קייט — „אַ געדיכטער,

.

קלעפּיקער שטויב און אַ טרויעריקע אַ'“, פּנחס גאָלדהאַר, דערציילונגען פֿון אויסטראַליע, מעלבורן 1939.

אַלטוואַלד — דער, ־וועלדער. (גרויסער, געדיכטער) אַלטער וואַלד. “די טײַגע אין סיבּיר איז אַ מעכטיקער אַ'“.

אַלטוואַרג — דאָס. מצ נבּ Mhd: a1 v r.

1. סכום אַלטע זאַכן. ספּעצ פֿון קליידערוואַרג. האַנדלען מיט אַ'. אַ'־הענדלער. אַנטיקן, דאָס טײַערע אַ'. גיין איבּערן אַ'־מאַרק. „אַ מין מוזעאום מיט אַ, פֿונעם אַמאָליקן לעבּן“, ממוס, שלמה. „עס איז פֿאַראַן אַ, פֿון שטיינער, אייבּיק אַ', נישט איבּערצוּוואַשן...„, פּרץ, אַלטוואַרג'.

,

„צוקאָפּנס ליגט אַ, אַ פּאַק„, אַר, 'איך זינג'. „דער מײַסטער... האָט זיך געדונגען אַ קעלער און פֿלעגט פֿאַצינעווען אַ'“, ח. א. יאַכנוק, ... אין אַמעריקאַ, וואַרשע 1894. 2. פֿיג. אַלטע מענטשן. “דאָס אַ, זיצט אויף בּענק און וואַרעמט זיך אויף דער זון“. „אַזוי ווי אַ'... כּמעט דורכויס פֿונעם אַלטן פֿאַר־ רעוואָלוציאָ,

נערן לעבּן“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.
־ער — דער, ־ס. ווער עס האַנדלט מ ט
אַלטוואַרג.
אַלט ווקע — [ווייכע ל] די, ־ס. צווייטע פֿידל.
אַלט־פֿידל, וויאָלאַ.
אַלטווייבער־זומער — דער, ־ן. סטוטש,

-

-

70. (מערבֿ־אייראָפּע) שפּעטער האַרבסט מיט
אַ גוט וועטער. פֿאַראַלעל צום אינד אַנער זומער
י

אין צפֿון־אַמעריקע.
אַלטוועלטיק — אַדי. וואָס איז (געהערט צו)
דער אַלטער וועלט. אַלטפֿרענקיש. אַלטמאָדיש.
היפּוך פֿון הײַנטוועלטיק. אַן אַ'ער מענטש.
עפּעס אַן אַ, לשון. פּפֿ: אַלטוועלטלעך,
נר. ־יקייט.
אַלט־הודש — [... ־כוידעש] דער. מצ נבֿ. דער
לעצטער טייל פֿון חודש, ווען מע קען ניט זען
די לבֿנה. אין דעם פֿינצטערן אַ'־ח'.

אַלט־טעסטאַמענט□יש, ־לעך — אַדי. וואָס
איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו, איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) דעם אַלטן טעסטאַמענט
[קריסטלעכער
ט, פֿאַרן תנך]. „אַרײַנגעטרעטן אין דעם שויס
פֿון דעם אַ'־ט'לעכן יודאַאיזם“, זשיט, דאָס
□-----

נײַע לעבען, יוני 1911. „מיט זײַן אַ'־ט'ישער
שׂנאה“, מוו, היטלערס פּראָ□עטאָרן.
אַלטיאָריק — אַדי. וואָס איז שוין אַלט אין
יאָרן. באַיאָרנט. פֿאַרעלטערט. אַן אַ'ער שווייצאַר
בײַ דער טיר. אַ'ע אויספֿאָרשרנג ־יקייט.
.
אַלטיזשע — די, ־ס. שפּאַ. alti□llo: □ □ □ ..
אייבערשטיבל. בוידעמשטיבל. מאַנסאַרדע.
פֿאַרדינגען די אַ, אַ סאָלטעראָ [אַ ניט־חתונה־
געהאַטן]. “אַרויפֿגעקומען צו זיך אין דער אַ'“,
ש. גר□ניעוויטש
אַלטיטשק ע(ר) — 1. דער & די. צפֿ פֿון
סוב אַלטע(ר). גאָר אַלטע(ר) וואָס מע האָט צו
איר (אים) אַ באַציאונג פֿון ליבשאַפֿט. אַן אַ'ער
אײַנגעוויקלט אין טלית. „האָט מיט זיך

געאַלט־יִדיש

בּראַכט אַן אַ'ן און אײַנגעבּויגענעם", נחבֿ,
'מעשׂה בּמלך שכּבֿש מדינות'. „די אַ'ע האָבּן
זיך אונטערגעהעטשקעט און געזונגען 'שושנת
יעקבֿ'", ממוס, ווינטשפֿ. "מײַן אַ'ע בּאָבּע
דערציילט מיר אַ מעשׂה„ פֿרוג II. „דער אַ'ער זאָל

,

לעבּן עד מאה ועשׂרים", ספּ, גליקליכע און
אומגליקליכע. „אין טאָג פֿון נדרים, נדרים און
לאַסטן, ווען אַלטע און אַ'ע גייען צום פֿאַסטן„,
סעג, איצטער.

2. ספּעצ אַלטער מאַן, אַלטע ווײַבּ אין צפֿ,
ווען איינע(ר) רעדט צו (וועגן) זײַן (איר) פּאָר.
מײַן אַ'ע(ר) זאָל לעבּן בּיז הונדערט און
צוואַנציק. „ער האָט צו די אַ'ע גאָרניט גערעדט",
פּל. „צו זיבּעציק יאָר מיך אָפּגעגט מיט מײַן
אַ'ע„, אַבֿרהם יצחק בּוכבּינדער, דער בּלומען
גאָרטען, ווילנע 1885. „אַוועק צו זיך אין שטיבּל
און זיך געזעצט מיט זײַן אַ'ער פֿאַרן אויוון„,
וו.ס, אַ פּאָמעניק'.

,

3. צפֿ פֿון אַדי אַ ל ט. "דאָס אַ'ע בּיכעלע

ליגט פֿאַר מיר אָפֿן" פֿרוג I. "די הײַזלעך
זע,
נען אַ'ע פֿאַרכמורעטע און מרה־שחורהדיקע,,,
,
מוק, מײַנע באַגעגענישן. "אויף אַן אָפֿענעם
פֿלאַץ... שטייט זיך אַן אַ'ע הויז", ח. הזז, איבֿז,
היימיש, יוני־יולי 1961.
אַלטיי, — דער, ־ען. (□he□ al: □<*)
באָטאַניק) הייל־געוויקס פֿון מעסיקן קלימאַט,
קרײַטעך (קרובֿ צו אַ 15 מינים) מיט האָריקע
בלעטער און קאָנטיקער ראָזלעכער בליאונג.
וואַקסט אין זומפּיקע ערטער. די
וואָרצלען און בלעטער פֿון אַ,
ווערן געניצט פֿאַר פֿאַרשיידענע
מעדיקאַמענטן, ספּעצ אין רפֿואות
צו לינדערן אַ ברוסט־קראַנקייט. די
טונקעלע בליאונג פֿון טייל מינים
אַ'ען ווערט געניצט אין דער
באַפֿאַרבונג פֿון ווײַן. "צי איז דאָ
אַ טעם אין זאַפֿט פֿון אַ'?" [בײַם איבֿז פֿון וואָרט
'חלמות'], תּי, איובֿ, ו, 6. אַ־וו אָ ר צ ל —
,,צו טרינקען [פֿאַר אַ זויגערין] אַ'־וו, מיט אַ
ביסל אייניס... אָפּגעקאָכט", מלכּה בערלאַנט,
די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. אַ־ס י ־

ר אָ פ , ־ צ י ר אָ פּ — „צום היסטן... אַ'־ס,“,
א. י. שפּערלינג, ליקוטים II, לעמבּערג תּרס“ט.
אַ'־צ וו י ט. אַ'־ק נ ײַ ל כ ל — נעאָל. זיס,
ווײַס, ווייך קנײַלכל. קאָנפֿעקציע געמאַכט פֿו
אַ'־ו אָרצל — ־]rs] inalis. ic o Alı]]aea

.ma1lO י
אַלטיי, — גנ. 'גילדענער בּאַרג'. בּאַרג־קייט
.
אין דרום־סיבּיר און מאָנגאָליע מיט פּרוכטיקע
טאָלן. אויך נאָמען פֿון אַן אַדמיניסטראַטיוון
קרײַז אין סאַוועטן־פ רבּאַנד.
אַלט־י דיש — אַדי. 1. אַלטמאָדיש־,
אַלטצײַטיק־ייִדיש. „אײַנפֿירונגען וועלכע זיי רופֿן
אַ'־י', קליינשטעטלדיק“, יו אָל 2 1885, No.
2. וואָס איז שייך צו אַלט־ייִדיש, ← דוווו.
אַלט־י דישקייט.
אַלט־ייִדיש — דאָס. מצ נבּ. דאָס ייִדישע

לשון אין דער תּקופה צווישן 1250 — 1 00
[לויט מוו] אָדער אין דער גאַנצער ערשטער

אַ'לטיכע

תּקופֿה פֿון אַנטוויקלונג ביזן מיטן 14. י,,ה
[לויט ימ]. אַ שטריך פֿון אַ,־יי'. ,,כראָנאָלאָגישע
צײַט־גרענעצן [פֿאַרן אַקאַדעמישן ווב]... פֿון
וועלכער שפּראַך־תּקופֿה אין ייִדיש, צי פֿון אַ'־יי,
ביז 1500, צי פֿון מיטל־ייִדיש ביז 1750,,, ל.
ווילענקין, דער ייִדישער אַקאַדעמישער
ווערטערבוך און דער ייִדישער שפּראַכאַטלעס (
פּראָספּעקט), מינסק l920.
אַ'לטיכע — די. פּפֿ: אַ'לטעריכע.
אַלטערס ווײַב. ״די אַ, האָט זיך גאָרנישט
פֿאַרגונען, אָבער פֿאַר אים איז קיין מאכל נישט
געווען צו טײַער‟, באַש, גימפּל תּם.
אַלטיIמעטער — דער, ־ס. <איי <ל. '
הייךמעסטער'. אינסטרומענט געניצט בײַ
לופֿטפֿליִערײַ אויסצוגעפֿינען די הייך איבער דער פֿלאַך
פֿון ים אָדער איבער אַן אַנדער
אײַנגעשטעלטן פּונקט. ־מעטריע — הייך־מעסטערײַ.
־גראַ — אַלטימעטער מיט אַ דיִאַגראַם וואו
די הייך ווערט מעכאַניש פֿאַרצייכנט.
אַלטינג — דער. בא. פּאַרלאַמענט אין
איסלאַנד.

אַ'לטיניע פֿאַרצויגענע פֿ, פֿון נאָמען אַ ל ־

ט ע. פּאָד, אוקר. אַ'לטערוניע — דז פֿון
אַ ל ט ע ר.
אַלטינקע(ר) פֿקפֿ און צפֿ פֿון אַלטע(ר).
־

פּפֿ: אַלטיטשקע(ר). אַן אַ'ר און אַן
אַ'ע זיצן אויף אַ באַנק. די אַ'ע צען בטלנים.
אויך וועגן ווייַב (מאַן) מיט צערטלעכקייט,
גוטמוטיק אויך וועגן ניט קיין אַלטער ווייַב. „וואָס
מאַכט ד אַלטיטשקע אַצינד?„ פֿרוג II.

אַלטיסט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער
עס זינגט מיט אַן אַלט־שטים. 2. ווער עס
שפּילט אויף אַן אַלט־אינסטרומענט.
אַלטיסימאָ—(מוזט). 1. זייער הויך. 2. אין
דער צווייטער אָקטאַווע איבער סאָפּראַנאָ.
אַ'לטיפֿקע — די, ־ס. קלעזמער־לשון.
קאַרטאָפֿל. „די זבראַמיכע סטאַכניעט צו אַ'ס“ = די
מאַמע שטעלט צו קאַרטאָל.
אַלטלעך — אַדי. 1 פֿקפֿ פֿון אַ ל ט. כמעט
.
אַלט. „דער אַ'ער... די היפּש־געבויגענע

פלייצע און אַ ציטערדיקע האַנט“, צײַט, טמז,
22 XI 1963. “... די שטובֿ אַליין — אַן אַ'ע,
מיט אַ נידעריקלעכער סטעליע„, נס, סאָוו,
היימלאַנד, 2 .1 1964, No. וואָס איז ווי בײַ אַן
אַלטן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אַלטן.
„זײַנע קניִען האַקן זיך אים אונטער, זײַן
גרויסער קאָפּ שאָקלט זיך אַ, און הילפֿסלאָז“, ל.
שאַפּיראָ, נאָוועלן. —קייט.
אַלטמאָדיש — אַדי. וואָס איז לויט דער
אַלטער מאָדע. אַלט, אַלט־פֿרענקיש. אַ'ע
קליידער, אַ קרינאָלינע און אַ טערקישע שאַל. אַן
אַ'ער זייגער. אַ'ע אידייען. אַ'ע טאַטע־מאַמע.
אַ, און צוריקגעשטאַנען. אַ'ער שניט, גאַנג,
שטייגער אע. „אומעטום קען מען זען אויך
אַ'ע אָדער נײַמאָדישע יִדן“, קמ, 39 1865, No.
„... האָט מען דערקענט אַ'ע כתיבֿהטע
אותיות“, ממוס, מסעות “מײַנע לידער זײַנען אַ',
עס פֿעלט זיי דער קלאַנג פֿון צוואַנציק־

יאָר1369

הונדערטיקן מעטאַל„, יעקבֿ פֿרידמאַן,... נח
גרין, נ„י 1960. ־קייט.
אַלט־מאַהאָ'ן — דער. מצ נבֿ. טונקל־

בּרוינער קאָליר. „עס באַקומט זיך אַ טיפֿער
בּרויקרויטער פֿאַרבּטאָן וואָס איז באַקאַנט אונטערן
נאָמען אַ'־מ'„, בּער.
אַלטמאַן — דער, ־מענער. אַרכ. גבּאי, ראָש,
אָנפֿירער. „דא אידרמאַן אויז דער שול גינג,
דער אַ, אין בּסבֿרא אַנטפּפֿינג„, ספֿר משלים I,
פֿפֿדמ 1686, לח/ב. אויך פֿאַרשפּרייטער
פֿאַמיליע־נאָמען.
אַלטמיידלש — אַדי. פּפֿ: אַלטמוידיש.
וואָס איז כאַראַקטעריש פֿאַר אַן אַלטער מיידל,
מויד. אַ'ע ציכטיקייט. אַלטמוידישע העוויות.
־קייט.
אַלטמיידלשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ
פֿון זײַן אַן אַלטע מיידל.
אַלטמייסטער — דער, ־ס. אַלטער (
גרויּ־
סער) מײַסטער. גרויסער קינסטלער פֿון אַ
פֿריִערדיקער תּקופֿה. די אַ'ס פֿון רענעסאַנס. „
אונדזערע אַ'ס, מענדעלע און שלום־עליכם„, שנ,
דערציילערס און ראָמאַניסטן II.
אַלטן — אוטוו. אַרכ & נעאָל. עלטערן זיך.
„ווער זיך נייארט וויל דר נאָך [= לויט דעם]
הלטן אויך אויף דער וועלט ווערט ער אַ'“,
בּראַנט, שער־בּלאַט. „היטן זיך פֿר (שעטנז)

צו גיאן, אונ, ווער זיך ווערט אַזוא הלטן דר ווערט אין גרושׂה פֿריידן אַ׳״, עח, עא/ב. ,,כ׳בּין גאָט, איך קאָן ניט יונגען און ניט אַ׳,,, לע, ראָנדאָס און אַנדערע לידער. ,,וואו די אַלטקייט הערט שוין אויף צו אַ,״, סוצ, וואַלדיקס.

אַלט־ניי — אַדי. וואָס איז גלײַכצײַטיק אי

--

אַלט אי נײַ. אַ׳־נ׳־לאַנד = ארץ־ישׂראל. ,,האָב איך מוט גיהאַט מל צו זײַן אין דער אַלט נײַא שול דען זכור דרינן לאָזן אויז רופֿן,,, פּראָגבּ, 41. ,,איז דער פֿאָטער געקומען בּהקיץ און האָט אים נאַקעט אַרויסגענומען פֿון בּעט און האָט אים אַוועקגעטראָגן קיין פּראָג אין דער נעמלעכער נאַכט און האָט אים אַנידערגעשטעלט בּײַ דער שול וואָס מע רופֿט זי אַ׳־נ׳ע שול,,,

מעה פֿון הגאון בּעל המחבּר עוללות אפֿרים, זשיטאָמיר 1874. ,,ער האָט זיך אַליין... אײַנגעחזרט זײַן נײַעם, אָדער ריכטיקער — אַ׳־נ׳עם פֿאָעטישן קרעדאָ״, שנ, ה לייוויק.... ,,ווען שוין קומט אַ׳־נ, בּראשית, נײַער אָנהייבּ וואָס מע וואַרט״, אַר, 'אַלט־נײַע סדרות'. ,,זעען אַזוי פֿיל אַ׳־נ׳עם חן,,, נם, הויפּטשטעט, מאָסקווע 1934.

אַלטע — די. 1. סובּ, אַנשטאָט אַלטע פֿרוי,

זקנה. „די אַ, איז דאָ ווידער געוועזן“. „דיא אַלטי איזט מיר אין מײַן פּנים גישטאַנדין“, גה, 87.
2. אַנשטאָט באָבע, (אַלטע) מאַמע, אַלטע קרובֿה (ווען מע ווייסט וועגן וועמען מע רעדט), אַלטע בעל־הביתטע, ווײַב פֿון באַלעבאָס, שעף אע.
„ווען דער אַלטער גייט אַוועק, לאָזט די אַ, ניט אַראָפּ אירע אויגן פֿון די פּועלים“.
3. ספּעצ וו ײַ בּ , אָנגערופֿן פֿון מאַן גוטמוטיק פֿרײַנדלעך אָדער אָן שום עמאָציאָנעלער
,

אַ'לטעסטע(ר)

צופֿאַרבונג. „מײַן אַ, איז אַ גרויסע בריה„. „מײַן אַ, האָט עובֿר געווען תּקיעת־כּף“, קהל חסידים, לעמבערג 1875. „די אַ, מײַנע לייגט אַוועק אַ ברבה, ווי דער שטייגער איז פֿון ווײַבער„, ממוס, ‚בישיבֿה של מטה'.
4. פֿרויען־נאָמען. א) געגעבן געוואָרן ווי אַ צוגאָב־נאָמען, ווען אַ קינד (אַ דערוואַקסענע) איז קראַנק, ווי אַ סגולה צו פֿאַרטומלען דעם מלאך־המות, דעם שׂטן, און אַזוי אַרום ראַטעווען דעם קראַנקן. דער צוגאָב־נאָמען פֿאַרבײַט שוין דערנאָך דעם פֿריִערדיקן נאָמען; ב) „אַ סגולה

צו דעם וואָס זײַנע קינדער שטאַרבן
קליינערהייט נישט קיין נאָמען געבן צו אַ זכר בײַם
מל זײַן און צו אַ נקבֿה שבת בײַם לייענען, ווי
די וועלט פֿירט זיך, נאָר בשעת דעם נאָמען
געבן זאָל מען רופֿן צו אַ זכר מיט דעם נאָמען
אַלטער און צו אַ נקבֿה מיט דעם נאָמען אַלטע“,
טאַרלער רבי, סגולות ורפֿואות I, לאָדז, 1910?
אַלטעגלעך — אַדי. וואָס געשעט אָדער קען
געשען יעדער טאָג. געוויינטלעך. וואָכעדיק.
ניט־אָריגינעל. אַ'ע אַרבעט. אַ'ע מאָלצײַטן. אַ'ער
ענטפֿער. אַ'ער געשמאַק. „דאָס איז בײַ אים אַן
אַ'ע געשיכטע, עס פּאַסט צו זײַן שטייגער
לעבן“, ממוס, 'שם און יפֿת'. „די וועלט איז
אַלט און אַ'“, מר I. „... זײַנען זיי מיט דעם
אַ'ן רויך און שטויב פֿאַרשטעלט געוואָרן„, דא,
שוואַרץ־רויט. „די דינים פֿון זעלכע מצוות וואָס
אַ, זענען“, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לעע)ות II,
סאַטמאַר תרל„ב. „איין שפּיצן־בלוזע, אַ גאַנץ
שעוויאָט־קלייד צום אַ'ן טראָגן„, ז. מוירער, ז .
נישט קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. [פֿון
אַ, — יוסף ראָלניקס נעאָל אַלטעג — “די
שרעק פֿון טויט זי קאָן דערפֿילן ווער ס'גייט
אַרום מיט אַלטעג־טריט?„, 'דאָס ווײַסע בעט'.]
־קייט — די אַרומיקע אַ'. “די אַ, ווערט

דערעסן", אָפּאַ, 863 1.
אַלטע טויבֿ — די. אויך טוו פֿאַר ,תּור, (
בּראשית, טו, 9). פּאָד [אַנשטאָט: טורטלטויבֿ, טיר
קלטויבֿ.]
אַלטעטשקע(ר) — ← אַלטיטשקע(ר).
אַלטע מויד — די, ־ן   פֿאַרזעסענע, וואָס
.
האָט שוין בּאַדאַרפֿט לאַנג חתונה האָבן.
[. אַלט, בּ2] ,,דאָס קידושין־רינגל איז אַ
כּישוף־רינגל: עס מאַכט אַ יונג ווײַבל פֿון אַן
אַ'ר מ',,; ,,אַן אַ, מ, איז אויף מאָרגן נאָך
דער חתונה אַ יונג ווײַבל"; ,,אַז די אַ, מ, גייט
שוין אַמאָל טאַנצן, גייען די קלעזמער פֿאַרצן",
שוו. ,,אויף דער ענלעכקייט אין קלאַנגען צווישן
דער פֿאַרבּינדונג אַל תעמוד און אַ, מ, איז
געבּויט: א, מ'־בּדרך, אַל תעמוד — זוך אַ חתן,,,
ייִשפּ י3 ,XI. אַלטער צ אָ פּ , אַלט צ ע פּ ל —
צונעמענישן פֿאַר אַן אַ, מ'. אויך: אַ, שאַכטל
(גאַליציע).
אַ'לטעסטע(ר) — דזוו עלטסטער. נר. "און
מײַן פֿאָטער איז געווען דער גרעסטער און אַ,
פֿיש אין ים הגדול און אין איין רגע פֿלעגט ער
שווימען ון בּרעג צו בּרעג", נצ2, ווילנע

תרמ"ג, לח/ב.

אַ'לטע־פּאַרלאַ'נטע
אַ'לטע־סאַרלאַ'נטע — די, ־ס. שפּאַ.
הויכריידער, הילכער. (בּ"א).

אַלט□ער — דער, ־ע. 1. סובּ, אַנשטאָט
אַלטער מאַן. „אַלטער — זקן", אבּ□ שמות דבֿרים,
איזנע 1542. "אַן אַ'ער און אַ קינד זײַנען
גלײַך"; "אַן אַ'ער איז גלײַך צו אַ קינד און
אַ קינד איז גלײַך צו אַ חזיר"; „אַ יונגער קען
שטאַרבּן, אַן אַ'ער מוז שטאַרבּן"; „אַן אַ'ער
בּרעכט און אַ יונגער בּויט איז נאָך ניט גלײַך";
„אַן אַ'ן מעג מען שוין בּאַהאַלטן" [= מקבּר
זײַן], שוו. 2. אַנשטאָט זיידע, (אַלטער) פֿאָטער,
אַלטער קרובֿ (ווען מע ווייסט ועגן וועמען מע
רעדט), (אַלטער) אַרבּעטסגעבּער, בּאַלעבּאָס,
שעף אע. אַנשטאָט רבּי. „אָנגעזאָגט דעם אַ'ן
[דאָ: דעם טאַטן], ער זאָל אויפֿוועקן„, אָפּאַ,
ראָמאַן פֿון אַ פֿערד□גנבֿ. "מיט אַ חושכדיקע
מינע שטייט אַ חסידל אויפֿן קבֿר בּײַם אַ'ן",
□.א ר., דער אָרעמאנן, וואַרשע 1879. „דער
אַ'ער האָט מיט זיך אַרײַנגעבּראַכט אַ
צערודערונג", האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966. „דער

אַ'ער — אַזוי האָט מען אין לאָדזשער געטאָ גערופֿן רומקאָווסקין", בלומ.

3. ספּעצ מ אַ ן , ← אַלטע, ב3. ,,מײַן אַ'ער, זאָל געזונט זײַן". ,,איר ווילט מײַן אַ'ער זאָל זיך מיט מיר גטן?". ,,האָט מען שוין געהערט אַז אינט אַ'ער איז געקומען", ש בערלינסקי, 'געהאָלפֿן געוואָרן'.

4. מענער־נאָמען. ← אַלטע, ב4.

5. פֿטמ. דער אײבערשטער (אין אַ געמיט פֿון נאָענטשאַפֿט). ,,מע בעט זיך איבער מיטן רבונו־של־עולם, מען איז מוחל דעם אַ'ן", רייד (קאָוונע, אַן אַלטער בעל־מלאָכה, 1926).

6. פֿטמ וועגן אַ װאַרנדערקינד, וועגן אַן עילוי. "ער איז שוין באמת אַ צירונג, ער איז אַן אַ'ער".

אַלטער — דער, ־ס. תקופֿה אין לעבן. יעדער צאָל אָפּגעלעבטע יאָרן. איבערגאַנגס אַ'. אין אַ,
-

פֿון פֿולער אַנטוויקלונג פֿון גײַסטיקע כוחות. אין אַ, פֿון 30 יאָר. [נר, דאַרף זײַן ע ל ט ע ר , דער און מע דאַרף אונטערשיידן ע ל ט ע ר , די = אַלטע יאָרן, ,,אויף דער עלטער ווערט מען שוואַכער (קעלטער)".]

אַלטער אידעם — ל אַן אַנדערער וואָס איז

פֿונקט דאָס זעלבּיקע.

אַלטער▯אַציע — די, ־ס. <איי <ל. בּײַט, איבּערבּײַט, מאָדיפֿיצירונג. ספּעצ אין מוזיק — בּײַט אין געמיט. ־ירן — טרוו. 1. בּײַטן, מאָדיפֿיצירן. אַ, די מעדיציִנען. "זוא ווײַט [די תּקנה] צו אַ, דשׂ מן זל מעגן יתומים האַלטן... עד שבֿע עשׂרה שנים", 'תּקנות מהחבֿרה מגדלי יתומים בּאַמשטרדם', 1781.

אַלטערירט — אַ'ע בּאַהאַנדלונג. אַ'ער
א ק אָ ר ד

פֿאַרענדער

-

▯----.

-

טער דורך אַ (ד ע פּ י ז)

אָדער דורך אַ (בּ ע מ אָ ל).

2. אויפֿרעגן. פֿאַרשאַפֿן פֿאַרדראַס. מיט

ז י ך — ,,דער זון אַלטערירט זיך זער דאַריבּר,,,
איין שייני וואונדירליכי היסטאָריע פֿון איין
פֿישערס זאָהן, זולצבּאַך [לבֿובֿ?] רגל.
אַל.   .
טערנירן.
אַלטער בּהור — [... בּאָכער] דער, ־ע, ־ים.
. אַלט, בּ2. אַ'ער פֿ ר ע נ ק, אַ'ער ק אַ ל אָ , ש
— צונעמענישן אויף אַן אַלטן בּחור. אַ'ער בּ, =
פֿאַרשטעלט, היטלער ערבֿ און בּעת דער
צווייטער וועלט־מלחמה.
אַלטערהייט — אַדוו. 1. אויף דער עלטער,
אין די אַלטע יאָרן. "און, ער שטאַרבּ איובֿ
אַלטרהייט און, גיזעט מיט טעג,,, סהמ, איובֿ, מב,
17. 2. ווען עס איז אַלט, צעטראָגן, צעריסן.
,,וואָס מע זעט ניט נײַערהייט אין קאַסטן זעט
מען אַ, אין סמיעטניק", שוו.
אַלטערוניע — ← אַלטיניע.
אַלטער־טאַרטער — דער. מצ נבּ.
בּייזוויליקער צונאָמען פֿאַר אַ זקן. אויסדרוק בּײַם
זידלען אַן אַלטן מאַן. ['טאַרטער, אָן אַ בּ,
אפֿשר: טאָטער.]

אַלטער􏰀טום — דאָס, ־ען, ־ס. פּעריאָד אין געשיכטע זינט סאַמע אָנהייב פֿון ציוויליזאַציע ביז אַן ערך דעם 5. י״ה אין אָצ. אויך: סתּם אַלטע צײַטן. דאָס ג ר ו י ע אַ, פֿון די ערשטע ציוויליזאַציעס. אַ־וויסנשאַפֿט, אַ־פֿאָרשונג אע. די לעגענדעס פֿון אַ.. „אַן אַ־פֿאָרשער מיט אַ פֿאַרמעגן... מאַכט אַ מיאוסן אָנזאַץ״, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן 1894. ״ווי אַזוי קאָנען מיר אַריבערטראָגן הײַנטיקע אידייען אויף דעם אַ?״, קאָר II —טימער — די. מצ. אַנטיקן,

.

אַנטיקוויטעטן. טײַערע אַ.

אַלטערטימלעך — אַדי. וואָס איז פֿון אַלטערטום אָדער האָט די אייגנשאַפֿט(ן) פֿון אַלטערטום פֿון דער אַלטער וועלט בכלל

פֿאַר, .

צײַטיק. ״זעלטן קומט דאָרט אַרײַן אַ דורכפֿאָרער, וועלכער זוכט אויף אַ'ע זאַכן״, א. מ. שאַרקאנסקי, אַ שפּיטצעל פֿון אַ פּורים־שפּילער, נ״י 1899. ״עטלעכע טעג א􏰀ן יאָר ווערט ער עפּעס אַ מחותּן מיט אַן אַ'ן גלויבן„, בעמ III. ־קייט — אויך: אַן אַלטע זאַך, אַן אַנטיק. אַ מוזיי פֿון ייִדישע אַ'ן. ״די פֿאָלקשפּראַך פֿאַרמאָגט... אַ סך אַ'ן״, ל. ווילענקין, דער ייִדישער

אַקאַדעמישער ווערטערבוך און דער ייִדישער שפּראַכאטלעס (פּראָיעקט), מינסק 1929. ,,אַן אומגעלומפּערטע בראָנדזענע שפּיז... דאָס דאַרף זײַן גאָר אַן אַ'‘', ייִז, אַלט־שטאָט'.

,

אָלטערײשן — די, ־ס. אמ :al eraion .
דאָס פֿאַרריכטן. ‘‘די דרעסקע דאַרף אַן אָ'‘'; ‘‘די סטאָר איז פֿאַרמאַכט ווײַל מע פֿירט דורך אַן אָ'‘', רייד (נ‘‘י).
אַלטערל — ← אַלטער, ב4. באַטײַט אויך:
אַ פֿאַרצויגן קינד, אַ ציטעריק קינד (אַפֿילו ווען עס האָט ניט דעם נאָמען). ,,ער איז בײַ טאַטעמאַמע אַן אַ'‘'.
אַלטער לוח — [לואַך] דער,... לוחות [לוכעס]. ייִדישער קאַלענדאַר פֿון אַ פֿאַרגאַנ ן יאָר. סימבאָל פֿאַר עפּעס וואָס האָט פֿאַרלאָרן פֿריִערדיקן ווערט. קוקן אין (זיך רעכענען מיט) אַן אַלטן לוח. אַלטע לוחות — אויך פּעיאָ:

אַלטפּעטעריש

לערעס, דאָגמעס פֿון פֿריִער, פֿון אַמאָל. זיך האַלטן ב אַ, ל'.

י

אַלטערנאַ'ט — דער, ־ן. <איי <ל.
פֿאַרטרעטער. לעגאַלער פֿאַרבײַטער. דער אַ, צו שטימען פֿאַרן מיטגליד פֿון פֿאַרוואַלטונג.
אַלטערנאַטאָר — דער, ־ן. מאָטאָר מיט אָ זיך בײַטעוודיקן שטראָם. גענעראַטאָר.
אַלטערנאַטי'וו — אַדי. וואָס איז איינס פֿון צוויי (אָדער מער) מעגלעכקייטן. וואָס פֿאַרבײַט, קומט אויפֿן אָרט פֿון דעם וואָס איז פֿריִער אָדער איצט. אַ'ע גרופּע, פֿאַרטיי. געפֿינען אַן אַ'ן וועג.
סובֿ — דער, ־ן. אויך: אַ'ע — די, ־ס.
איינס פֿון צוויי (אָדער מער) מעגלעכקייטן. ניט האָבן קיין שום אַ, = קיין שום ברירה.
פֿרײַוויליק אויסקלײַבן צווישן אַ'ן. „ער איז אַמאָל געשטאַנען □אַר אַן אַ'ע — רעליגיע אָדער

פֿאָליטיק“, גרינ, מענטשן און ווערטן. אַבסאָלוטער אַ, = איינציקע ברירה.
אַלטערנIירן — טרוו. ־ניר, אַלטערנירט. בײַטן כּסדר, רעגולער. אַ, ווי די סעזאָנען פֿון יאָר.
אַ, די מאָדע. ראָש מלין־מפֿתּח פֿאַרטײַטשט 'והחלף את משׂכּרתי, (בּראשית, לא, 7): „אַ'.

ענדערן“ [תּי: „האָט געבּיטן“]. ־אַציע — די, ־ס. שינוי, בּײַט. אַ'ס פֿון וואָקאַלן אין דעם זעלבּיקן שורש (בּאַקאַנט, בּאַקאָנט, בּאַקענט; שפּראַך, שפּרוך, שפּריכוואָרט). ־ירונג. פֿרגל: אַלטעראַציע.

אַלטער עגאָ — ל. אַנדערער, צווייטער איך. ווער עס קען אַבּסאָלוט פֿאַרבּײַטן, פֿאַרטרעטן. גאָר אַ נאָענטער פֿרײַנד וואָס האָט די זעלבּיקע מיינונגען. מײַן אַ, ע'.

אַלטער סער — דער, ־ע ־ן. (טשערנאָוויץ) ווער עס האָט אין זײַנע סטודענטישע יאָרן געהערט צו אַ סטודענטן־אָרגאַניזאַציע און נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט שטיצט ער נאָך זײַן פֿריִערדיקע אָרגאַניזאַציע.

אַלטער רבּי — ספּעצ. בּײַ די לובּאַוויטשער חסידים ר, שניאור זלמן פֿון ליאַדי, דער בּעלתניא, בּאַגרינדער פֿון דער חבּ„ד־ריכטונג אין חסידות. „מדינת ליטא ורוסיא הלבָנה (פֿלכי מאָהילעוו און וויטעבּסק)... אײַנגעטיילט דעם אַלטן רבּין“, לדבּ, נ“י תשי“ז, קמא.

אַלטפֿידל — די (דער), ־ען. ← אַלט [ווייכע ל]. צווייטע פֿידל. וויאָלאַ.

אַלטפֿעטעריש — אַדי. פּפֿ: אַלטפֿעטערש, אַלטפֿאָטער(י)ש. פֿאַרצײַטיק.

אַלטוועלטיק, אַלטוועלטלעך. אַלטמאָדיש. (בײַטעם פֿון פֿרײַנדלעכער אָדער גוטמוטיקער באַציאונג).
אַ'ער שטייגער, סטיל. דאָס אַ'ע לעבן. געקליידט אַ'. ״יענע א'ע היימישע פּרנסות האָבן איצט אויפֿגעהערט״, ארז, קמ, 66 l865, No. „די שאַפֿע וואָס זעט אויס אַ', נישט מיט דעם פֿוץ, [נישט] הײַנטמאָדיש״, ממוס 'אַ גרויע האָר'.
„די ווײַבער זאָלן נישט טראָגן קיין צירונג און קיין פּערל און די קליידער זאָלן זײַן אַ, געניייט״, מעשׂה נורא, לעמבערג תּרס״ב. „אַנטיקן אַלטפֿאָטערשע״, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן I.

אַלטפֿרענקיש

־קייט — „מע בלעטערט ספּעקטאָרס אַ ראָמאַן, און פֿון די נקודות אַליין... ווײַט מיט אַ ליבער, גוטער אַ',,, צײַט.
אַלטפֿרענקיש — אַדי. Mhd: a1t...vre▯nkish.
דזוו אַלטפֿעטעריש, נאָר געניצט אָפֿטער און ס'רובֿ מיט בײַטעם פֿון ניט־געפֿעלן. אַ'ע מלבושים. אַ, מעבל. אַ'ער שטייגער פֿון משפּחהלעבן. „ער וועלט שיני פֿינגרלך קויפֿן אונ, אַלט פֿרענקש דינג, עז זאָלט אים ניט צו טײַער

זײַן,,, מב, מעשׂה רכח. ,,דיא בּרבֿנשׂטי שפּיצן
זײַן זער יוקר..., דר צו אַלט פֿרענקיש און,
גאַר קיין מאָדע מער,,, י. מאַרשן, חנוך ל□ער,
פֿיורדא תּקל,,ד, ח/א. ״וואָס פֿאַר אַ נאַראָנים
די אַ'ע לײַט זענען געווען״, מס, משלי תּקע״ד,
לי, 11. ,,די אַלטע בּאָבּע... מיט... אַ'ע
מאָדעס, אַ, געניי — אין ווײַסע זעקעלעך, קליינע
פֿאַנטעפֿעלעך...,,, הירש רײַטמאַן, דער
קיטטעל, ווין 1863. ״מיט אַזעלכע אַ'ע ייִדן קענען
די פּריצים אַלץ מאַכן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.

־קייט — ,,אין זומפּ פֿון אַ',,, ימ, נ□ .ס
1926. ,,די אַ, פֿון יהואָשעס איבּערזעצונג וועט
ערשט קריגן נאָך מער אָנזען״, יג, אין תּוך I.

אַלטצייטיק — אַדי. וואָס איז (אַזוי ווי) פֿון
-
דער אַלטער צײַט. אַ'ע גלייבּונגען און
מיינונגען. ,,דער גרעסטער טייל פֿון זיי זײַנען געווען
מענטשן שוין צו פֿיל אַ'ע,,, איבּז, וו. סטאַוווסקי,
די סטאַניצע, מינסק 1931. ־יקייט.

אַלטקאַטויל□יש — אַדי. וואָס האַלט אַז ס'איז
עכט קאַטויליש, און האַלט ניט פֿון עטלעכע
מאָדערנע קאַטוילישע דאָקטרינען, למשל פֿון
דער אומפֿאַרזינדלעכקייט פֿון פּויפּס(ט) און פֿון

דער היעראַרכיע פֿון דער קאַטוילישער קירך.
־יק — דער. ־יציזם.
אַלטקייט — די, ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער
פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אַלט. די עלטער. ,,אַ, איז אַ
בּרכה פֿאַרעלטערטקייט איז אַ זינד,,, אויפֿן
,
סמך פֿון חז,,ל. ,,אַ, איז ניט קיין פֿרייד“, איבּז
פֿון אַ פֿויליש, רוסיש שוו. ,,זי האָט מיך
מיטגענומען דערפֿאַר ווײַל פֿאַר אַ, איז איר אַליין
שווער צו פֿאָרן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,האָט
געשמעקט מיט דער מוטערס אַ, און
קלאָגלידלעך“, ווײַס II, 'דער איבּערגאַנג'. ,,שוין
צוואַנציק יאָר אַז איך שפּיל זיך מיט אַ',,, מלה I,
אַ ליד פֿון ליבּע'. ,,האָט אַן אַ, געהויערט איבּער
,
דער שטאָט און אַן אָפּגענוצטקייט,,, בּאַש פֿאָר,
,
25 1966 II. ,,אַ יאָריק קינד דעם ערשטן טראָט
צו מאַכן איז א [שֿר שווערער ווי בּיז צו אַ,
שפּאַנען“, האַל, מײַן אוצר.
אַלטקלוג — אַדי. (ועגן אַ קינד) וואָס איז
שטאַרק פֿאָרויס אין אַנטוויקלונג. אַן אַ, קינד.
אַ קינד מיט אַן אַ'ן קאָפּ.
אַלט־ראַסיק — די. וואָס איז פֿון (שייך צו)

אַן אַלטער ראַסע. „און ווי די שפּראַך — אַזוי די מענטשן, אַ־ר', אָפּגעבּרעקלט פֿון אַן אָפּגעשטאָרבּענער ראַסע“, קאָר III.
אַלטראָפּאַטיע — די. מצ נבֿ. רחמנות־געפֿיל אויף אַ צווייטן, אויף אַן אַנדערן. אַלטרואיזם.

1371
אַלטרו▯איזם — דער. מצ נבֿ <איי <פֿר. פּרינציפּ אָדער פּראַקטיק פֿון זאָרגן זיך וועגן וואוילזײַן פֿון אַנדערע. אַן אַקט פֿון אַ'. די שיינע מידה — אַ'. „וואָס וואָלט געהייסן אַ, אין אַ וועלט אין וועלכער מען איז איינער אַליין?„, גרינ, מענטשן און ווערטן ־איסט.
.
—איסטיש — אַדי.
אַלטרייטיס — דער, ־ן פֿטמ. אַמ. שפּאַסי—
.
קער שינוי פֿון וואָרט אַרטרײַטיס (= אָנצינדונג פֿון געלענקען). אויך: עלטערייטיס.
--
אַלטערזשימ▯יק — אַדי. פֿפֿ. ־נע. וואָס איז
.
פֿון (ענלעך צו, באַלאַנגט צו) אַלטן רעזשים.

ספּעץ סאָוו. אָלטער צאַרישער רעזשים. די
אַ'ע סיסטעם פֿאַר דער פֿראַנצייזישער
רעוואָלוציע. ״צוזאַמען מיטן אַ'ן מיניסטער...״, א.
גאָלדשטיין, איבּז, שפּאַניע אינ פֿײַער, מינסק
1935. „אַזוינע אַ'נע שפּיצלעך„, חיים גילדין,
פֿליגל, קיִעוו 1939.
אַלטשאַפֿט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ אָדער
אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אַלט. „יונגשאַפֿט אָדער
אַ, זײַנען בּאַגריפֿן רעלאַטיווע„, צײַט, טמז,
12 4 19□ XI.
אַלטשטאָט — די, ־שטעט. עלטסטער טייל
שטאָט. אָפֿט פֿאָרשטאָט וואָס איז עלטער ווי די
שטאָט גופֿא. „אין אַ, וואוינען אָרעמעלײַט„.
די וואַנט אַרום אַ, פֿו□ ירושלים. ״ייִדן האָבּן
געוואוינט אין אַ'. אין די נײַע טיילן שטאָט האָט
מען זיי ניט אַרײַנגעלאָזן״. „,... פֿירט אונשׂ
דרײַא אנוישׂ אויף דער אַלט שטאָט״, 'אַ
פֿראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1732 [וואַכשטיין־בּוך,
ייִוואָ]. „דורך אַ'־געסלעך בלאָנדזשעט אום מײַן
בּליק נאָך אַלץ פֿאַרליבּט״, רובּ, חורבּן פּוילן.
־יק — אַדי. ״בּעלי־בּתים זענען זיך
צוזאַמענגעקומען אין דער אַ'ער שול„, קמ, 1866' No
45. ־יש — אַדי. אַ'ע הײַזלעך. אַ'ע חבֿרה.
—ישקייט.

אַלטשטאַמיק — אַדי. וואָס איז (קומט, איז
פֿאַרבונדן) מיט אַן אַלטן שטאַם. אַ'ע
אַריסטאָקראַטיע. אַ'ע געלערנטקייט. „דער וואָס טראָגט
אין זיך אַ, לעבן וועט דאָס שווײַגן פֿון מײַן ליד
פֿאַרשטיין“, י. י. סיגאַל ־יקייט.
-
*

אַלטשטייגעריש — אַדי. וואָס איז פֿון
(לויט, על־פּי) דעם אַלטן שטייגער. אַ'ער פּיר.
„מיר האָבן יִידן אַ'ע און נײַשטייגערישע און
גאָרנישט־שטייגערישע“, ימ, אונדזער שול,
מעקסיקע 1948.
אַלטשטעטער — אַדי & דער. 1. וואָס איז
פֿון אַלטשטאָט. „וואַר די קומיסיאָן ווידר צו
אַזמין [= צוזאַמען] קומן אויף דען אַלט
שטעטער ראַט הויז,,, אַ פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה',
,
1732 [וואַכשטיין־בוך, ייִוואָ]. 2. אײַנוואוינער
פֿון אַלטשטאָט. „די אַ, זענען נעבעך
אָרעמעלײַט“.
אַלטשינקעס פֿטמ פֿאַרצויגן פֿון אַ ל ץ

..„די אַלטיטשקע שטעלט אויפֿן טיש אַ,
וואָס זי פֿאַרמאָגט“, רייד (נאָוואָרעדאָק).
אַלטשי'ר — דער, ־ן. וורר. דזוו אַלקער ←.

,,... צו פֿאַרדינגען מײַן... אַ, צי ניין...

אָנאַליאַ'נט

קוקן דעם אַ'... דער אַ, איז געווען פּוסט,
אויסגעקאַלכט און אויסגעוואַשן, דער פּאָל
באַשאָטן מיט פּילינעס,,, פּינסקער שטאָדט־לוח,
ווילנע תּרס״ד.
אַל אָווקעס — [אויך: על...] די פֿטמ. די
י
.
אליהו־הנבֿיאס. זמירות וואָס מע זינגט
שבתצונאַכט נאָך הבֿדלה און מע בעט, אַז אליהו
הנבֿיא זאָל קומען מיט משיחן און ברענגען
די גאולה. ,,אַז דער רבי... איז פֿאַרטיק
געוואָרן מיט די אַ', האָט ער גענומען דעם פֿידל
און האָט אָנגעהויבן צו שפּילן די אמתע
זמירות,,, נפֿתּלי גראָס, מע▯הלעך און משלים.
אַלי▯אירט — אַדי. <איי <ל   פֿאַראייניקט,
.
פֿאַרבונדן דורך אָן אָפּמאַך (צווישן צוויי אָדער
מער מלוכות, מיטן צוועק זיך צו פֿאַרטיידיקן
אָדער אָנגרײַפֿן בשותּפֿות). אַ'ע אַרמייען.
אַ'ע — סוב. ספּעצ די מלוכות וואָס האָבן
בשותּפֿות געקעמפֿט קעגן דײַטשלאַנד בעת

דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער זיג פֿון די
אַ'ע. "דען באותו פעם זיך אַן גיפֿאַנגין
המלחמה בין מלך צרפֿות יר,,ה מיט זײַני
אַליערטין", גה, 314. ,,ווי די אַ'ע, דאָס הייסט פּרײַסן,
רוסלאַנד, שוועדן און עסטרײַך, האָבן געזען דאָס
זיי קענען נאַפּאָלעאָן ניכט אויפֿקומען, האָבן
זיי געמאַכט וואָפֿנשטילשטאַנד", נאַפּאָלעאָן,
[לבֿוב], יאָר? ,,אַדאַנק דעם שנעלן פֿאָרמאַרש
פֿון די אַלירטע באַפֿרײַאונגס אַרמייען", י.

אײַזמאַן, ממעמקים, בוקאַרעשט 1945. אַ'ע י אָ ר ן
— איר וועגן אַ פֿרוי וואָס פֿאַרלייקנט איר
פֿאַקטישן עלטער. ־קייט.
־אירן — טרוו. אַ, צוויי שכנישע מלוכות.
מיט ז י ך פֿראַנקרײַך קען אויס מורא
,, —
וועגן איטאַליע, מיט רוסלאַנד וועגן דער
טערקײַ זיך אַלירן", קורות העתים, יאַס 1860,
No 9. ־אידונג.
אלי, אלי, למה עזבֿתני? — [איילי,...
לאָמאָ אַזאַווטאָני?] זאַץ. תּח. <תּהלים, כב, 2.
מײַן גאָט, מײַן גאָט פֿאַרוואָס האָסטו מיך
פֿאַר,

לאָזן? 1. געניצט ווי אַ פֿאַרצווייפֿלטער, מיט
רעליגיעזן פּאַטאָס אָנגעלאָדענער הילפֿגעשריי
פֿון אַ געפּלאָגטן. „ווען דער זקן האָט דערזען
די אָנקומענדיקע דײַטשן, האָט ער אויסגעשריִען
א, א, ל, ע'. 2. [לויט דער ברית־חדשה פֿון
מתית: די לעצטע תּפֿילה פֿון אותו האיש (←):
א, א', ל, שבֿקתּני ◻ „און פֿון זײַן לעצטן א, א'־
אויסגעשריי האָט שוואַרץ געקראַכט איר גאַנצע
וועלט אין ווײ", אַל III, 'מרים המגדלית'.]
3. א, א, — אַ פּאָפּולער ליד געזונגען מיט
פּאַטאָס. ◻ ער מיינט אַז ער זינגט א, א, = רעדט
הויך, ליאַרעמט. שפּאַסיק: די א, א'־ברידער
[ווײַל זיי גייען בײַנאַנד], דער א, א'־צווילינג.
אַל אַ'נט — דער, ־ן פֿאַרבינדעטער.
אַליי .
אירטער. באַטייליקטער אין אַן אַליאַנס. „ס'
זענען שולדיק [אין ניט טאָן געגוג צו ראַטעווען
ייִדן] נישט נאָר ד אַ'ן", היימיש, דעצ, 0 ◻ 19.
י
"דער עם היושבֿ בציון שטייט דערווײַל אין
אָט דער מלחמת פֿאַר זײַן לעבן אַליין, אָן אַ'ן",
דאָס אידישע וואָרט, נ"י, אייר תשכ"ז.

אַליאַ'נס

אַל אַ'נס — די, ־ן. אויך: אַליאַ'נ ן. <איי
י
<פֿר. 1. סאַרבינדונג פֿרײַנדשאַפֿט־בונד
,
-

צווישן מלוכות. "... נייאַרט ער האָט אים גשיקט פֿר אַמבסאַנדור צו פֿיל (מלכים) אום מיט אים איין אַליאנסיא צו מאַכן", שאַר, קטז/ב. 2. אין 20. י"ה, אָפּמאַך צווישן פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד און רוסלאַנד זיך צו שיצן קעגן דײַטשן מיליטאַריזם (← אַליאירטע). „דענסטמאָל איז געווען דער האָניק־חודש פֿון רוסיש־פֿראַנצייזישער אַ„ איז יעדער רוס געווען יעדן פֿראַנצויז אַ גאַסט„„ מוק, מײַגע באַגעגענישן.

3. אַרכ. אָפּמאַך, תנכישער 'ברית, מיט גאָט. אַבֿרהמס אַ, מיט גאָט. „„... מה מאַד שׂמחתּי כּעל כּל הון, דשׂ דיא גאטליכה אַ, לאורך ימים..."، י. מאַרשן, לשון זה , אַמשט תּצ"ד, ז/א.

אַל אַ'נס איזראַעלי'ט אוניווערסע'ל —
י

פַר. נאָמען פֿון וועלט־פֿאַרבאַנד 'כל ישׂראל חבֿרים'. געוויינלעך געקירצט: אַליאַ'נס. אויפֿגעקומען אין פּאַריז אין 1860 אויף דער איניצ אַטיוו פֿון אַדאָלף קרעמיע (1828 — 1892).
י

אָפּטיילונגען פֿון דער געזעלשאַפֿט זײַנען אויך־ געקומען אין לאָנדאָן, ווין און בערלין.
ד אַ, האָט געשטעלט פֿאַר זיך די אויפֿגאַי
בעס: העלפֿן דער עמאַנסיפּאַציע, באַשיצן פֿון רדיפֿות און העלפֿן די גערודפֿטע ייִדן, העלפֿן עמיגראַנטן, גרינדן האַנטווערקער־שולן פֿאַר פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס. לויט אָט דער פּראָגראַם האָט ד אַ, געפֿירט איר אַרבעט במשך
י

דעם לעצטן דריטל 19. י״ה און שפּעטער ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיטן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די אַ, איינגעגאַנגען. „דערווײַל מוזן רומענישע ייִדן עמיגרירן... אויף אַליאַנסן זיך פֿאַרלאָזן קאָן מען נישט“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אַ'ל אַס — דער & קאָנ. ל. אַן אַנדער נאָמען
י

(וואָס קען זײַן דער ערשטער אָדער דער
גע꞉ביטענער פֿאַרשטעלטער), אָדער ראַבּין אַ,

ראַבּי

נאָוויטש. אַבּראַמאָוויטש אַ, בּרוידאָ —
פֿאַמיליע־נעמען פֿון ממוס אין פֿאַרשיידענע צײַטן
פֿון זײַן לעבּן.

אַל אָס — דער, ־ן. אויך: אַליאָז פֿטמ אויך:

אַליאַש. הורוויץ, ספֿר המלים, אַדעס 1903
פֿאַרטײַטשט 'אהלים, אהלות, — אַליאָס, אַליאָז.

געוויקס מיט פֿעטע
פֿליישיקע בּלעטער
און בּלויע אָדער
ראָזע בּלומען.
געניצט אין וואַזאָנען.
פֿון די בּלעטער
בּאַקומט מען אַ
בּיטערן זאַפֿט,
געניצט אין מעדיצין.
[מוטערס פֿלעגן

באַשמירן די ברוסט מיט אַ, כּדי צו אַנטוויינען
זייערע זויגקינדער.] „האָב באַשפּרעגט מײַן
געלעגער מיט מירא, מיט אלאַס און מיט
צימרינג“, מס, משלי תקע“ד, ז, 17. „אין די
קליינע פֿענצטערלעך בליִען וואַזאָנעס

1372און

טערן נאָמען — אַליאַש“, מק, זעלמעניאַנער.
□Me□e□bryan□hemum
אַל אָריערלעך — אַדי. אַרכ. יערלעך, אָן
י
שום דורכלאָזן. „אַל יאַר יערליכן גינגן זיא צו
דעם רגל דאַר“, שמואל־בוך, סטראָפֿע 10.
אָליאַר□ניע — די, ־ס. <פּויל. דזוו
אוליניצע (□. 508). וואַרשטאַט צו פּרעסן
געוויקסן־אייל (געווינלעך קליין־פּראָדוקציע). ־ניק —
איילפּרעסער. אויך: איילהענדלער.
אַליבאָ — פּרעפּ. תּח. <בבֿא קמא, יג/א אאַ.
לויט, ווערליק, על־פּי, אין איינקלאַנג, בהסכּם
מיט. קומט אַרײַן ווי אַ באַשטאַנדטייל אין:
אַ, דאמת — [... דעעמעס] אין־דער־אמתן.
אַ, ד, מוז מען זאָגן אַז.... “אַ, ד, בין איך

חושד אַז דאָס זאָל נאָר זײַן אַ משׂכּילישע
ליצנות,,, הרבֿ חיים ליבּערמאַן, ייִשפּ ▯ XI, l. ,,אַ,
ד, האָט דאָך גאָרניט קיין גבֿול אויסצורעכענען
וואָס מע דאַרף מתקן זײַן,, , בּצג טמז, 1968 ▯ I l6.
אַ, דהלכתא — [... דעהי'לכעסע] >
סוטה, בא/א. אין איינקלאַנג מיט דער הלכה.
,,אַ, ד, דאַרפֿסטו בּאַצאָלן פֿאַרן היזק,,.
אַ, דבּולי עלמא — [... דעקולע אַלמע]
לויט דער מיינונג פֿון דער גאַנצער וועלט, ד,,ה
אַלע זײַנען אײַנשטימיק. ,,כּל היראַ־שמים געהער
ניט צו לאָזן קיין פּתח אָן אַ טיר, רק תּיכּף די
טיר אַרײַנצושטעלן בּכדי מע זאָל יוצא זײַן
[מיט דער מזוזה] אַ, ד, ע'', שולחן ערוך,
אָרט? אָנהייבּ 19 י''ה?
אַ, דבּל (לכּל) הדעות — [... דעקאָ'ל
(לעכאָ'ל) האַדייעס] לויט די מיינונגען פֿון אַלע.
,,מיט בּלויז דקדוק [בּײַ קריאת־שמע] איז מען
אַ, ל, ה, נישט יוצא'', חפֿץ־חיים [בּ. יאושזאָן,
פֿון אונדזער אַלטן אוצר].
אַ, דרבּנן — [... דייראַבּאָנאָן] >שבּת,
קיב/א. לויט די (אונדזערע) חכמים (רבּנים).
,,אַ, ד, טאָר מען עס ניט''.
אַליבּי — דער, ־ס. >איי >ל. 'ערגעץ

אַנדערשוואו,. 1. באַוויַיז מצד אַ פֿאַרדעכטיקטן
אָדער באַשולדיקטן, אַז בעת דעם פֿאַרבּרעך איז
ער געווען אויף אַן אַנדער אָרט. אַ
באַשטעטיקטער אַ'. 2. בכלל סימן פֿון פֿיזישן אָדער
גײַסטיקן ניט־בײַזײַן. ,,אומזיסט באַווײַזט ער
איר זײַן געאָגראַפֿישעס אָדער פֿילאָזאָפֿישעס
א'. טוט אָן טויזנט מאַסקעס פֿאַרענדערט דעם
—
,
נאָמען, די רעליגיע", זשיט III, נ"י 1912.
אָליג — דזוו אוליק, 508 ←.
אַליגאַטאָר — דער, ־ס. (זאָאָלאָגיע) מין
קראָקאָדיל פֿון אַמעריקאַנער קאָנטינענט און כינע.
דער אַ, איז קלענער פֿון קראָקאָדיל (העכסטנס
ביז 5 מעטער) און טיילט זיך אויס אויך מיט
זײַנע שוואַכערע שווים אָרגאַנען פֿון דער פֿעל
-
.
פֿון אַ, ווערן אויסגעאַרבעט לוקסוסדיקע

פֿרוי

ענשיך און פֿאַרשיידענע לוקסוסדיקע טאַשן (אין
אַמעריקע עקסיסטירן ספּעציעלע פֿערמעס פֿאַר
אַ'־האָדעוואַניע). ,,אויף דעם האַפֿן האָבן די

אַלידאַדע

שפּאַניער געזען אַן מין חיה רעה וואָס זי הייסט
אַליגאַדאָרם״, חײַקל הורוויץ צפֿנת פּענח,
באַרדיטשעוו 1817. ״די בייזע אַ'ן... וואָס געפֿינען
זיך אין דעם שטראָם, וואָלטן פֿון אונדז אַ גוטן
מאָלצײַט געהאַט״, ש האָכבוים, אַ יוד, אַדעס
1869. „דער יעגער שטעלט אײַן זײַן לעבן,
שיסט אַ טיגער אָדער כאַפּט אַן אַ', ציט אים
אַראָפּ די פֿעל און שטעלט אים דערנאָך אויס
אין אַ מוזיי״, קאָר A11ialr.III.
אַליגאַטאָר־פֿיש — דער. מצ ווי אצ.
ימפֿיש פֿון אַ פֿאָר מינים. איז לאַנג און דין און
מיט גאָר גרויסע צונויפֿגעוואַקסענע שופּן וואָס
זעען אויס ווי אַ פֿאַנצער מיט פּלאַטעס וואָס
דעקן איינע די אַנדערע. דער קאָפּ אַ ביסל
ענלעך אויפֿן קאָפּ פֿון אַן אַליגאַטאָר. ־Ao
.1ן()ae]
אָליגאָפּאָל יע — די, ־ס. < איי < גר.
דעה, מאַכט פֿון אַ קליינער גרופּע אין
עקאָנאָמישן לעבן, ספּעצ בײַם צושטעלן סחורות פֿאַר
געברויכערס. „סכּנה פֿאַר דער פֿרײַהייט, וואָס
עס שטעקט אין אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע

צענטראַליזאַציעס פֿונעם כאַראַקטעריסטישן אָ'־כּוח
פֿון אונדזער צײַט", איק, ר,,ה תּשכ"א. ־יש
— אַדי.

אָליגאָפֿרענ□יע — די. בּא. <איי <גר.
(פֿאַטאָלאָגיע) שוואַכע גײַסטיקע אַנטוויקלונג,
נידעריקער ווי נאָרמאַל. ־יש — אַדי.

אָליגאָציטעמ□יע — די, ־ס. (פּאַטאָלאָגיע)
אַנעמיע מיט אַ שטאַרקער פֿאַרמינערונג פֿון
די בּלוטקײַקעלעך. ־יש — אַדי.

אָליגאָצעע'ן — דער. (געאָלאָגיע) טייל פֿון
פֿאַלעאָגענישן פּעריאָד פֿון 40 בּיז 25 מיליאָן
יאָרן צוריק. ־יש — אַדי.

אָליג□ — ליש. וואָס זײַן (איר) קאָפּ (בּײַ אַ
א צעפֿאַליש — אַדי. <איי <גר. אויך:
—קעפּאַ ׳
מענטשן אָדער בּעל־חי) איז קלענער ווי
געוויינלעך.

אָליגאַ'רך — דער, ־ן. ווער עס געהערט צו
דער גרופּע וואָס הערשט אין אַן אָליגאַרכיע.

אָליגאַרכ□יע — די, ־ס. <איי <גר. מלוכה
און פֿאָרעם פֿון אַ מלוכה וואו די מאַכט איז
קאָנצענטרירט אין די הענט פֿון אַ קליינער
גרופּע מענטשן פֿון אַ קליקע פֿון אַ קליינער

צאָל פּריווילעגירטע. „די אָ, פֿון פֿאַטריציער
וואָס האָבן רעגירט איבער דער שטאָט“, נש
איבז, שד III ▯. „טרעט אַרויס קעגן דער אָ, פֿון
קהל און ער שרעקט מיט חבֿלי גיהנום יענע
ראָשי־הקהל און פּרנסים וואָס דריקן די
אָרעמע“, ימ איבז, שד II ▯. “בײַם רודער פֿון דער
רעגירונג וועט ניט זיצן אַ טאָטאַליטאַרע אָ',,,
גרינ, איד און וועלט. ־יש — אַדי. “דערצו
וואָלט דאָס נאָך געווען אַ טיראַניש־אָ'ער שטאַט“,
זשיט IX, נ“י 1919.

אָליגוריע — די. (פּאַטאָלאָגיע) אומנאָרמאַל
קנאַפּע סעקרעציע פֿון אורין.

אַלידאַדע — די, ־ס. <איי <שפּאַ <אַראַביש.
מכשיר צו מעסטן ווינקלען (בײַ
לאַנדמעסטונגען, טאָפּאָגראַפֿיע).

אַליה

אַליה — [אַליע] די, ־יות <ויקרא, ג, 9. ווײַדל.
עק פֿון שאָף (זן אויך פֿון אַן אָקס אָדער קו).
פֿלייש און אויפּס איז אויך גאַנץ טײַער,

בּאַ

,,

זונדערס די אַ'ס פֿון די שאָף,,, אמד, דער
ברטנורה, ווילנע 1877. ,,האָט געגעבן נדן
דער אַרענדאַרטשיקל, יעדערן אַ חלק פֿון
באַראַנטשיקל, אסתּרלען האָט מען געגעבן דאָס
אַ'לע" פֿל. ,,אַ שׂכל — אויסבּרײַען... אָנווײַזן

-

,

אין די אַחרונים, אַז די אַ, פֿון אָקס געהערט צום
רבֿ,,, מ. דלוגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע
1881. אַ'־ש מ אַ ל ץ.

א, וקוץ בּה — [... ווייקאָץ (ועקויץ) בּאָ]
זאַץ. תּח. <ראָש־השנה, יז/א. '(אַ פֿעטער)
ווײדל און אַ דאָרן אין אים, = ס'איז אַ גוטע
זאַך, אָבער האָט אַ חסרון, אַ פּגם. ,,אַ, ו, בּ, —
אין אַ פֿרײַער איבערזעצונג:... אַ רויז מיט
אַ שטעכנדיקן דאָרן", פּרץ, ,ראָש חודש'. ,,אַ, ו,
בּ, — אַ בּכּבֿודיקער פּאָסטן — מיט נישטיקע
שׂכירות".

אליה(ו) — [אײליִיאָהו] פֿאַרשפּרייטער
מענערנאָמען. ← אליהו הנבֿיא. געוויינלעכער

אַרויסרייד עליע (עלי). פֿקפֿ: עלינקע. בלינדער א, =
קען געזאָגט ווערן וועגן יעדן איינעם וואָס
דערזעט ניט, באַמערקט ניט; ספּעצ — וועגן
אַ גנבֿ וואָס טראָגט אַרויס אומוויכטיקס און
פֿאַרזעט אַ ווערטפֿולע זאַך. „הייסטו א', ביסטו
אַ טיפּש ביז דער סטעליע“ — אופֿן פֿון רייצן
זיך מיט עמעצן וואָס הייסט אליה. א, און
פּיניע = צוויי חבֿרים וואָס זײַנען שטענדיק
צוזאַמען [אויפֿן סמך פֿון שע'ס מאָטל...].
אליה(ו) בהור — [... באָכער] א, בר, אָשר
הלוי אַשכּנזי, אויך עליאַ לעוויטאַ (1469 —
1549). געבוירן אין איפּשהיים לעבן נירנבערג,
געלעבט אין פּאַדואַ, רוים, ווענעציע אאַ.
באַרימטער פֿאָרשער פֿון לשון־קודש, מדקדק און
לעקסיקאָלאָג, מחבר פֿון דער זייער פּאָפּולערער
גראַמאַטיק ספֿר הבחור פֿון מסורת המסורת

— — □

(אַז די נקודות און דער טראָפּ קומען פֿון
שפּעטערע צײַטן און זײַנען ניט געווען אין
דער לכתּחילהדיקער מסורה), תּשבי (אויסטײַטש
פֿון 712 ווערטער אין תּנך און אין תּלמוד),
מתּורגמן, שמות ד□רים. א, ב, איז דער
ערשטער שרײַבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור,
וואָס מע קען זײַן ביִאָגראַפֿיע און מע האָט אַ

פֿאָרשטעלונג וועגן זײַן פֿערזענלעכקייט. אין
1508 — 1507 איבערגעזעצט און
איבערגעאַרבעט די איטאַליענישע פּאָעמע בבֿא דאַנטונאָ
אין
אָטאַוואַ־רימאַ־פֿערזן, באַקאַנט ווי דאָס בבֿא־בוך,
שפּעטער פֿון דעם געוואָרן אַ בבֿא־מעשׂה אין
פֿראָזע. מחבר פֿון: אַ ראָמאַנטישער פּאָעמע
פּאַריז און ווינה (וויענע), איבערגעזעצט תּהלים
(ווענעציע 1545) און איובֿ (דער כּתבֿ־יד איז
פֿאַרלאָרן געגאַנגען) פֿון צוויי פּאַסקווילן: אויף

- □

די □)רי□ה □ון ווּנידיג (ווענעציע 1509) און
המ□דיל (1514).
אליהו בן משה די־ווידאַש — מקובל פֿון
די חכמי־צפֿת. געלעבט אין 16. י"ה. מחבר פֿון
פּאָפּולערן מוסר־ספֿר ראשית־חכמה. "פֿון

13, □

צפֿתער פֿאַרטונקלטער מויער קומט אָן א,
דעווידאַש,,, עק.
אליהו גאָון — ← ווילנער גאָון. [אויפֿן נאָמען
פֿון א, ג, געווען אַ גאַס אין גראָדנע. גערופֿן

פֿטמ רעבעליאָעס גאַס. אין ווילנע איז געווען
דעם גאונס געסל.]

אליהו הנבֿיא — [איילִייאָהו האַנאָווי, פֿטמ:
(ע)לעהאַ'נאָווע] 'א, דער נבֿיא'. <מלכים א,
קאַפּיטל יז אאַ. נאָך משה רבינו די
פּאָפּולערסטע פֿיגור צווישן די נבֿיאים. געלעבט אין
מלכות־ישׂראל אין 9. י"ה פֿאָצ, שטאַמט פֿון
תּשבה אין גלעד — א, ה תּ ש בּ י , א, ה ג ל ־
ע ד י , האָט באַפֿעסטיקט דעם עטישן
מאָנאָטעאיזם און געפֿירט דעם שאַרפֿסטן קאַמף קעגן
דעם קולט פֿון בעל; אַרויסגעטראָטן קעגן
סאָציאַלע עוולות. כאַראַקטעריסטיש איז זײַן
פֿלאַמיקער זאָג צום קעניג אַחאָבֿ: „הרצחתּ וגם
ירשתּ?" (מלכים א, כא, 19). א, ה, איז געוואָרן
אָ לעגענדאַרע געשטאַלט וואָס באַווײַזט
פֿאַרשיידענע מופֿתים. ער איז ניט געשטאָרבּן, נאָר
איז אַרויף מיט אַ שטורעמווינט אין הימל
(מלכים בּ, ב, 11). שוין אין תּנך זעט מיר ווי
די א'־ה'־געשטאַלט ווערט מילדער (מלכים א,
יט, 12). די גמרא און דער מדרש האָבּן נאָך
מער פֿאַרלינדערט זײַן רעליגיעזע קנאָות, און
אַנשטאָט אַ שטרענגער שטראָפֿער באַצייכענען
זיי אים מיטן האַרציקן ,זכור לטובֿ'. „איז ער
געבּליבּן שטיין בּײַם וואָגן און האָט אָנגעהויבּן

צו ווײַנען פֿאַר השם־יתבּרך און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, איז א, ה'... צו אים בּחלום געקומען,,, שבֿחי בּעל שם טובֿ, זשאָלקעוו 1850. א, ה, ווערט דער אָנזאָגער פֿון משיחס צײַטן. ,,זעט, איך שיק צו אײַך א, ה, איידער עס קומט דער טאָג פֿון גאָט,,, תּי, מלאכי, ג, 23. ער וועט אַרויפֿגיין אויפֿן הר־הזיתים, בּלאָזן שופֿר און זײַן קול וועט דערהערט ווערן פֿון איין עק וועלט בּיז צום אַנדערן, און די אובֿדים ונדחים וועלן זיך צונויפֿזאַמלען קיין ירושלים. ערבֿ דער גאולה וועט ער מאַכן שלום צווישן ייִדן (שקלים, סוף פּרק ג'). ,,און דערווײַל האָבּן מיר ניט... א, התּשבּי וואַס ער וועט מאַכן אומקערן דאָס האַרץ פֿון די פֿעטער אויף די קינדער,,, מלרה, ס/א. מע דערמאָנט אים מיט שׂמחה, בּענקשאַפֿט, האָפֿענונג, אַז בּאַלד וועט ער צו אונדז קומען מיט משיח בּן דוד. יעדן טאָג בּײַ בּרכת־המזון זײַנען ייִדן מתפּלל, דער בּעל־הרחמים זאָל שיקן א, ה, זכור לטובֿ און זאָל אונדז אָנזאָגן בּשׂורות טובֿות, ישועות ונחמות.

א, ה, איז אַ בּאַליבּטער מאָטיוו אין דער אַגדתּא, אין די כּתבֿים פֿון די מקובּלים און בּעיקר אין שפּעטערדיקן פֿאָלקלאָר פֿון דאָרטן

,
אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. א, ה, איז
אַרײַנגעוואַקסן אין געמיט פֿון ייִדישן פֿאָלק.
א, ה, באַווייזט זיך פֿון צײַט צו צײַט אויף דער
ערד אין שליחות פֿון רבונו־של־עולם צו
פֿאַרשפּרייטן זײַן חסד אומעטום. “... מלאָכים און

א, ה, — גאָטס משולחים וואָס וואַנדרעווען אויס
וואו די וועלט האָט אַן עק, זײַנען פֿול אין
איטלעכס ווינקעלע,,, ממוס, ווינטשפּ. “ווען א, ה,

אליהו הנבֿיא

איז אין פֿעלד געגאַנגען / האָבן פֿון פֿרייד
אויפֿגעציטערט אין פֿעלד די זאַנגען. / און אין
פֿאָרכט די קעפּ צו דער ערד גענייגט, / און אין
שטויב צו דעם נבֿיאס טריט געלייגט,,, מל.
פֿאַראַן צדיקים אָדער פּראָסטע גוטע ייִדן וואָס
זײַנען זוכה צו גילוי־א, (←). ,,און דאָרטן
דערזעען מיר זיצט אויף אַ שטיין א, ה, אַליין,,,
פֿרוג III, 'דרײַ חבֿרים'. געוויינלעך פֿאַרשטעלט
ער זיך ווי אַן אָרעמאַן, טיילמאָל אויך ווי אַ
סוחר, פּריץ, גראַף, רײַטער וכד, (בּרכות, נח/א;
שבת קט/ב; עבֿודה זרה, יז/ב; רשי תּענית,

כ/ב). „[ער] גייט ווי אַ בעטלער פֿאַרשטעלט, מיטן פֿידל אונטערן אָרעם זינט יאָרן איבער דער וועלט“, מאַנ, 'אַ ליד וועגן א, ה". „ באָרוועס און יונג אין אַ גויאישער העמד, קענטיק אַ מענטש וואָס ער קומט פֿון דער פֿרעמד“, מל, 'א, דער קנעכט'. א, ה, ווערט דער באַשיצער פֿון גאַנצן כּלל און פֿון יחידים. ער העלפֿט אויף כּלערליי אופֿנים: שענקט וואונדערלעכע חפֿצים, ווײַזט אָן אַמאָל וואו עס ליגט אַן אוצר, לערנט תּורה מיט פֿאַרוואָרלאָזטע, ברענגט אומגעריכטערהייט אַ ישועה אין נויט, היילט קראַנקע, ראַטעוועט אָפּ פֿון עלילת־דם און אַנדערע פּורעניותן. אין די זמירות פֿון מוצאישבת פֿיגורירט ער ווי דער העלפֿער פֿון נויטבאַדערפֿטיקע, די זמירות רופֿט מען אליהו. הנבֿיא'ם. ז י נ ג ע ן א'ס. „דז איז איין גוטר קעשׂטליכער מנהג אונטר ישׂראל דאז מיר גידענקין אַלי אויז גאַנג פֿון שבּת דשׂ מיר זאָגן און זינגן פֿון א, ה',„ לט1, סג/א.

ס'איז אויך אָנגענומען, אַז א, וועט אויפֿקלערן אַלע שווערע שטעלן אין דער תּורה, אויסגלײַכן האַרבע קשיות און פֿאַרענטפֿערן די ספֿקות אין דיני־ממונות, מנחות, מה/א. אויף אַ שווערער קשיא אָדער האַרבער סוגיא וואָס מע קאָן ניט

געפֿינען קיין ענטפֿער שטעלט די גמרא אַוועק 'תּיקו', לויט אַ פֿאָלקס־אויסטײַטש מיינט עס אַ ראָשי־תּיבֿות: תּשבּי יתרץ קושיות ואַבעיות, ד,,ה א, דער תּשבּי וועט פֿאַרענטפֿערן אַלע קשיות און אַבעיות. דערפֿאַר איז געווען אַ מנהג איבערצולאָזן בײַ דער רעכטער האַנט פֿון ראָש־הישיבֿה אַ ליידיקן אָרט פֿאַר א, ה, (איגרת ר, שרירא גאָון).

*עד שיבוא א, [אַד שעיאָוואוי...] <בּבֿא מציעא, א, ח; ג, ד אאַ = בּיז משיח וועט קומען; אין דער ווײַטער אומבּאַשטימטער צוקונפֿט. ,,מיט דעם ציוניזמוס וויל מען אָפּלייגן דעם קאַמף פֿאַר דעם סאָציאַליזמוס ע, ש, א',,, דער קליין־בּירגערלעכער סאָציאַליזם, פֿעטערבּורג תּרס,,ו. *א, ה, איז דערין אַרײַן [פֿטמ אַרויסרייד: לעהאַ'נאָוו□] = ס'איז אין דעם אַרײַן אַ מזל־בּרכה. [בּאַזירט אויף מלכים א, יז, 14־16. דאָרטן ווערט דערציילט וועגן אַן אָרעמער אַלמנה. זי האָט געהאַט — אין אַ הונגעריאָר — בלויז אַ האַנטפֿול מעל אין טאָפּ און אַ ביסל אייל אין קרוג, וואָס האָט געקלעקט — נ□כדעם ווי א, ה, האָט זי געבּענטשט פֿאַר

□

אַלע בני־בית אירע צו עסן פֿיל טעג.] „אַז א,
ה, איז דער בעל־עגלה, פֿאָרט מען גוט (גיך)“,
שוו פֿליִען ווי א, ה, = א) לויפֿן שנעל, אין
-

אָלי'וו

געאײַל, יאָגן זיך אין גרויס אײַלעניש; בּ) קומען
פּונקט צו דער צײַט, אומגעריכט.
„ווען מיר וואָלטן גערעדט וועגן א, ה, וואָלט
ער געקומען“ — געזאָגט ווען עס קומט
עמעצער וואָס מע רעדט גראָד וועגן אים.
גלייבּעניש: אַז הינט שפּילן זיך — איז אַ
סימן אַז א, ה, איז דאָ. [<“כּלבֿים משׂחקים —
א, ה, בּא לעיר“, בּבֿא קמא, ס/ב.] א, ה'ס פֿערד
— פֿײַערדיקע סוסים פֿאָרן מיט א, ה'ס פֿערד.
—
א, ה'ס כּ ו ס [קאָס] — דער. 1. פֿינפֿטער
בּעכער ווײַן (אַחוץ די אַרבּע כּוסות) בּײַם סדר,
וואָס מע שטעלט אַוועק פֿאַר זײַן כּבֿוד וועגן
(טיילמאָל איז דער כּוס געווען פֿון פֿײַן
געשניצטן קרישטאָל און אויף אים איז געווען
אויסגעקריצט מיט גילדענע אותיות 'לשנה
הבּאה בּירושלים') [„ווײַל עס איז אַ פּלוגתא אין

דער גמרא צי מע זאָל טרינקען פֿינף כוסות צי פֿיר, און עס איז ניט געפּסקנט געוואָרן ביז א, וועט דאָס מבֿרר זײַן, דעריבער הייסט עס א'ס כ'", סשי I, קב]. בײַ 'שפֿוך חמתך, עפֿנט מען די טיר און מע זאָגט: 'ברוך הבא, א, ה, איז דאָ'. 2. אויך: סתּם גרויסע כוסע. טרינקען פֿון א, ה'ס כוס אַ גאַנץ יאָר = אַ סך שיכורן. „מיר קומען אַרײַן אין שטוב, זיצט מער ווי א מנין אַרום אַ גרויסן טיש פֿאַר יעדן שטייט —

,

א, ה'ס כוס (ניט קיין קידוש־גלעזלעך) מיט רויטן ווײַן", צעד.

א, ה'ס ש ט ו ל — דער (די). עס איז געווען אַ מנהג צו שטעלן אַ שטול פֿאַר א, ה, בײַ יעדן ברית: [א) כדי ער גופֿא זאָל זײַן אַן עדות אַז ער האָט גערעדט רכילות אויף ייִדן, ווען ער האָט געזאָגט אַז זיי האָבן פֿאַרלאָזן גאָטס בונד (מלכים א, יט, 14); ב) לויט פּרקי דר, אליעזר, כט, האָט דער קיניג אַחאָבֿ פֿאַרבאָטן מילה. א, האָט זיך באַהאַלטן א□ן אַ הייל, און דאָרטן □לעגן אים מאַמעס ברענגען זייערע עופֿעלעך און ער האָט זיי מל געווען. וו אַ

,

שׂכר איז מען אים מכבד מיטן כסא־א']. „דער

פֿאָטער פֿון דעם קינד גרייט אָן אַ שטול און זאָגט: זה הכּסא של א', קומט צו גיין א, אויף דעם בּרית,,, נצ2, לבֿ/א [אין אַ צאָל שולן פֿון מערבֿ־איראָפּע פֿלעגט שטיין דער כסא של א, ה', געמאַכט פֿון געשניצטן האָלץ און בּאַדעקט מיט טײַערע געוואַנטן אָדער איבּערגעדעקט מיט אַ פּרוכת — לעבּן שטול פֿון סנדק]. לויט פֿאלקס־מעשׂיות קומט א, ה אַ פֿאַרשטעלטער

,

צו אַ בּרית אין די פֿאַרוואָרפֿענע דאָרפֿס־יישו בֿים, ווען ס'פֿעלט אויס אַ צענטער צו אַ מנין, אָדער ער לאָזט איבּער אַ בּײַטל מיט געלט אין די אָרעמע הײַזער כּדי דער בּעל־הבּרית זאָל האָבּן מיט וואָס אײַנצוקויפֿן די סעודת־מצווה. אָלי'וו — דער, ־ן. פּפֿ: אָליוו(ק)ע — די.
1. דזוו איילבּערט (←, 1083). "ווען מען עסט
ווײַן טרויבּן אבּיר פֿײַגן אכּר
אָליוון... מאַכט מען די
בּרכה... בּורא פּרי העץ", עח,
כח/א. "וואז מן עשׂט איבּר
טיש... דא קומט צו...

לימוניש, אליבֿא, קאפֿרין... דא
בּידארף מן קיין ברכה ניט

1374דרי

בר צו מאַכין", ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת
שלמה, אַמשט תק"ד. אָ'נ א ייִ ל. אָ'נ בּ ו י ם.
אָ'נ בּ ל אַ ט. אָ'נ ג אָ ר ט ן. אָ'נ ה אָ ל ץ —
,,אַלע יאָר קומען קיין
פֿאַלעסטינע זייער פֿיל
רײַכע לײַט... יעדער
פֿלעגט מיט פֿאַרגעניגן
קויפֿן אַ זאַו [געמאַכט פֿון] אָ, צום אָנדענק",
ייִ אָל, 1885, No 1. אָ'נ צ וו ײַ ג. אָ'
נאַ ר ט י ק — אַדי. ,,גלעזערנע שפּריצקעס,
אָדער פֿון האַרטן גומי, זייער ענדע זאָל זײַן
אַ בּרייטע, זאָל זײַן אָ"", דר, מ. גאָטליעב, זײַט
געזונד I, וואַרשע 1904. אָ־קאָלירנדיק —
אַדי. "מאַני לייבּס אָ־ק, פּנים", ז. ווײַנפּער
2. לענגלעך־קײַלעכדיקע קרעל, די גרייס פֿון
אַן אָ'. בּורשטינענע אָ'ן.
אָליווי'ל — דער. איילבּערט־פּודער. סטוטש
אָליווי'ן — דער. מינעראַל. אָליוו־גרינער
סיליקאַט, אין דער דורכזיכטיקער פֿאָרעם

געניצט ווי אַ צירונג.
אָליוון — אַדי. 1. וואָס איז געמאַכט פֿון אָליוון. בראַנפֿן מיט אָ'ענעם צובײַס. 2. וואָס זעט אויס ווי אַן אָליוו. שיינע אָ'ענע אויגן.
אָליוון־גרין — אַדי. גרין מיט אַ צומיש פֿון געלקייט, ווי דער קאָליר פֿון ניט קיין צײַטיקן אָליוו.
אָלי'וו ניצע — די, ־ס. אָלייניצע. וואַרשטאַט וואו מע פּרעסט אייל פֿון אָליוון. ־ניק — ווער עס אַרבעט אין אַן אָליווניצע. אויך הענדלער, פֿאַרקויפֿער פֿון אָליוון.
אַליוונע, אָליוונע — אַדי. פּפֿ: נאַליוונע.
בלויז צום וואָרט ע פּ ל. וואָס האָט אין זיך אַ סך זאַפֿט. וואָס ווערט געניצט אויף צו מאַכן זאַפֿט. אָפֿט סוב אָן וואָרט עפּל. מין עפּל, רויט, זאַפֿטיק, קײַלעכדיק, מיטעלע גרייס. בעקעלעך ווי אַ'ס.
אָליווענ'ט — דער, ־ן. מינעראַל וואָס האָט אין זיך אַרסעניק און קופּער, קען אויך זײַן אין קריסטאַל־פֿאָרעם און האָט דעם קאָליר פֿון אָליוון.
אָליום — ← אָלום. „זי וואָלט אים די אויגן אויסגעבערענט מיט אָ',,, חייס פּעט, 'דער לייבןצוימער'.

אַל(י)ומין — דער. בּא.   דזוו אַלומיניום ←.
“אויף דער ערד... בּאַשאָטן מיט פֿײַער און
בּלײַ... אַ, און שטאָל“, ש. בּרעגמאן, דורך
קריג און רעוואָלוציע II, אַדעס 1932. ־עווע ———
אַדי. “... גייט צו צום בּאַגאַזש און קוקט
אַרום... דעם ווײַסינקן אַ'ן טשײַניקל“, ווייספּע,
קאָוונע 1923, העפֿט ג.
אַליו'ר — דער. בּא. <רוס <פֿר. ספּעציעלער
אופֿן פֿון אַ גראַציעזן, ניט צו גיכן לויפֿן פֿון
אַ פֿערד. ס'איז ניט געווען קיין גאַלאָפּ, נאָר
דער צוגעוואוינטער אַ, פֿון דער יונגער קל
אַי
טשע. [פֿרגל אַלו'ר, די.]
אַליזאַרי'ן — דער. מצ נבֿ. <איי <אַראַבּיש.
רויטלעכער פֿאַרבּשטאָף וואָס מע פֿלעגט
אַרויסבּאַקומען פֿון וואָרצלען פֿון אַ קרײַטעך [איצט

אָלייאיק

אויף אַ כעמישן אופֿן]. “ווען עס קומט אָבער
פֿאָר אַ פֿלעק פֿון עכטע טינט... אַ,־טינט, אין
אַ זײַדענע אָדער העל־וואָלענע קלייד, איז דאָס
כּמעט ניט מעגלעך אַרויסצונעמען“, ש שפּיראָ,
קליידער פֿאַרבּערײַ, וואַרשע 1900.

אַל יהיד ומיוהד — [אייל יאָכיד אומיוכאָד
דער. <יגדל אלוהים: (אין) יחיד (כּיחודו) +
<לכה דודי: אַל המיוחד. איינציקער און
געאייניקטער גאָט. [באַצייכענונג פֿון אמתדיקער
אַבסאָלוטער איינהייט פֿון געטלעכקייט.] ,,
גבֿירול נעמט די איינהייטלעכע פֿאָרשטעלונג פֿון
דעם וועלט־גאָט, דעם א, י, ו‘‘, זשיט II, נ‘‘י
.1912
אַל יהסר המזג — [... יעכסאַר האַמאָזעג]
זאַץ. תּח. <שיר השירים, ז, 3. 'עס וועט ניט
פֿעלן דער מישוויַן', תּי. געניצט מיט בּבֿ:
א) מע וועט מאַכן די אמתע כּוֹסע, דעם
ריכטיקן לחיַים. ‘‘משקה לרובֿ, ווי אין פּסוק שטייט
אַ, י, ה‘‘, שע, לכּבֿוד יום־טובֿ; בּ) עס איז שיין,
קינסטלעריש פֿולקום. ,,איך קוק אויפֿן בילד
און כ'טראַכט אַ, י, ה‘‘.
אַל יטיה אָדם דבֿרים כּלפּי מעלה —
[... יאָטיִאַך אָדאָם דוואָרים קלאַפּיי מײַלע] זאַץ
תּח. <מגילה, כב/ב. 'אַ מענטש זאָל ניט
וואַרפֿן (האַרבֿע) רייד קעגן הימל,, ד‘‘ה מע
טאָר ניט האָבֿן תּרעומות אויפֿן אייבערשטן.
אַליטע — די. גנ. שטעטל אין
אומאָפּהענגיקער ליטע. אין 1923 — 1,715 ייִדן צווישן
6,322

איַנוו, פֿאַראַן צוו אַ'ס: איין אַ, אויף אי ן

ײַ ,, .

זיַט ניעמאַן און אַ צווייטע — אויף דער צווייטער זיַט. יעדער אַ, האָט געהערט צו אַן אַנדער אַדמיניסטראַטיווער פֿאַרוואַלטונג“, ייִשפּ X, 2. „צוויי אַ'ס מיט צוויי שיטות“, שוו [= נאָענט אָבער פֿאַרשיידן]. ייִדן זיַנען אומגעבּראַכט געוואָרן אין יוני 1941, גליַך ווי די נאַציס האָבּן פֿאַרנומען די געגנט: מע האָט דערטרונקען אין ניעמאַן און צעשאָסן אין דערבּיַאיקן וואַלד.

אַליטעראַציע — די, ־ס. <איי <ל. דאָס אַנהייבּן צוויי אָדער מער ווערטער אָדער ווערטער־גרופּעס מיט דעם זעלבּיקן קלאַנג. קאָנסאָנאַנטישע אַ, — דאָס איבּערחזרן די זעלבּיקע קאָנסאָנאַנטן אין צוויי אָדער מער ווערטער. וואָקאַלישע אַ'. אַ, ווערט געניצט צו דערגרייכן אַ קלאַנגיקן עפֿעקט. אופֿן צו שאַפֿן שפּראַכלעכן וואוילקלאַנג דורך ווערטער וואָס הייבּן זיך אָן מיטן זעלבּיקן קאָנסאָנאַנט אָדער וואָקאַל אין דער שורה פֿון ליד אָדער אין גאַנצן פֿערז.

"פֿורן פֿאָרן, פֿירן קאָרן... מאָלן מילן,

מאָלן שנעל״, מל, 'דאָס ליד פֿון ברויט'.
,'שלעסער שלאָפֿן, שאָטנס שפּאַנען, שווערע
שאָטנס שפּרײַזן שטום״, לייב נײַדוס.
־אַטיוו — אַדי. ־ירן — טרוו
אָליי, — דער, ־ען. סל. אוקר. בוימל. יעדער
מין פּעטס, אויסגעפּרעסט פֿון אַ געוויקס.
אָליי־איק, אַליי־איק —דער, ־קעס. 1
פּאַר.
מאַצעווטישער אייל. זאַלבאייל. ״נעם צוויי קווינט
אָלייעק צעדראַווי און גיס אַרײַן אין

בוטעאַלי־דיש

לע און שיט אַרײַן דרינען דרײַ לויט
צימעטבליט...,,, איין ביכל וואָם דרינען גפֿינט זיך
זאַכין טשיקאַווי, שקלאָוו תקנ״ה. אויך: ־קע
— ,,דאָ אין אונדזער מאַגאַזין קריגט איר סחורה
מכל מין... אָלייקעס, פּאָמאַדעס און
פּאַרפֿומען״, אני שלשום בר יענטע [ש. בערנשטיין],
מאַגאַזין פֿון יוד, לידער, באַרדיטשעוו 1891.
2. ספּעצ. ריצנאייל. אײַננעמען אַ'.
אַלי־דיש — אַדי. 1. וואָס איז פֿון (האָט אַ
שײַכות צו) אַלע ייִדן. אַ'ע אַחדות. אַ'ע

אָרגאַניזאַציע. 2. וואָס איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו) אַלע ענינים פֿון ייִדיש. אַן אַ'ער וועלט־צוזאַמענפֿאָר. אַ'ע פּראָבלעמען פֿון חשיבֿות פֿון גע,
זעלשאַפֿטלעכער גלײַכבאַרעכטיקונג. 3. וואָס איז שייך צום אומעטומיקן ייִדיש, צום איבערדיאַלעקטישן ייִדיש. אַן אַ'ער אַרויסרייד. אַליי'ן — אינוואַריאַנט. Mhd: al 1־ein. אַדוו.
אָן אַ צווייטן, אַ מענטש אָן קיינעם מיט זיך, אַרום זיך. לעבן, זײַן, זיצן אאַזוו אַ,. אָ, מיט די פֿיר ווענט. „אַ, זאָל זײַן אַ שטיין"; "אַ, איז אַפֿילו אין גן־עדן אויך ניט גוט צו זײַן„; „אַ ברוגזער שלאָפֿט אַ'„; „אַ, איז די נשמה ריין"; „אַ, מיט זיך איז גאַנצע שיך"; „בעסער איך אַ, ווי צווישן שלעכטע מענטשן„; „איידער געמיין — בעסער אַ'„ [איידער טאָן אַ געמיינעם שידוך איז בעסער צו בלײַבן ניט־חתונה־געהאַט], שוו. „איר ואטר [פֿאָטער] גישטורבן ווער, אונ,

ווי זי אַ, ווער אויבר גיבליבן„, בבֿא־בוך, 588. "ווען איינר אַ, זיצט — זו שפּריך: ברוך היושבֿ„, אבֿ, שמות דבֿרים איזנע 1542. „האָט ער גענעכטיקט אַ, אין פֿעלד", נחבֿ, 'מעשׂה מחכם'. „א, מיטן אויסגעפֿאָרענעם של אַך... שפּאַנט

- ,

דער נײַנצן־יאָריקער פֿאָטער“, מבֿאָ, דער גייער.
*ניט (זײַן) אַ, = אויך: זײַן שיכּור [ווײַל אַ
שיכּור רעדט געוויינלעך צו 'עמעצן,]. *וואו דער
קייסער גייט אַ, = אין אָפּטריט, פּראַוויי.

פֿפֿ: אַ, ווי — אויפֿן וואַסער, אין אַ וואַלד,
אין אַ מדבר, אין מיטן ים, אַ בּאָדיק, אַ בּוים
(אין פֿעלד), אַ גרעזעלע אין פֿעלד, אַ דאָרן, אַ
דראָנג, אַ האָלץ, אַ וואָלף, אַ וואָלקולאַק, אַ
טעלעגראַף־סלופּ (= שטאַנג), אַ מוחרם ומין,
אַ מצבֿה (אין פֿעלד), אַ מצורע, בײַם פּראַווען
התבּודדות, אַ פֿינגער, אַ שטיין (אין פֿעלד).
איר — וו אַן אַלמן נאָך שלושים.
,

2. אַדוו. דזוו בּ 1, מיט אָנדײַט אויף עלנטקייט,
פֿאַרלאָזנקייט. איינזאַמקייט. איינער אַ'.
אײנינקער אַ'. “[בײַם אַוועקגיין פֿון קבֿר פֿון איר
חתן] מײַן טײַער בּרוכל, וואָס לאָזסטו מיך אַ,
אהיימגיין?“ פֿל. „אַז מע האָט ניט קיין
קלינ—
,
גער. בּלײַבּט מען איינער אַ, ווי אַ פֿינגער“, שוו.
„זול איך נון היא בּלײַבּן בּיז איך גאַנץ בּין אַ'.
דשׂ ואָלק [= ◌אָלק] וליכט [= אַנטלויפֿט] בֿון
-

דאַנן,,, שמואל־בוך, סטראָפֿע 203. ,,(גלמוד)
אונ, איין לײַן, דהײַנו מן האָט זיא אַוועק גי
יאָגט פֿון צווישן דען לײַטן,,, סהמ, איובֿ, ל, 3.
"עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תּמיד בײַ
זיך אין זײַן ווינקל אַ,", דא, גש I. ,,איך ווער
מיט יעדן טאָג עלטער, אַ'ער,,, מ. מ. שאַפֿיר,
איך קום אַהיים. סובֿ. "אויף עלנטן וועג אין

1375

דעם גרויסן אַ, וואַנדערן ייִדן און זוכן אַ היים",
אַלף כּץ, אַמאָל איז געװען אַ מע□tה.
אַליינעניו, אַליינינקע. אַליינישקע.
□. אַליינט.
3. אַדוו. אָן אַ זײַטיקן, אָן פֿרײַנד, געסט אע.
אָן השגחה, אָן אַ שומר. ,,אַן אייל אויף אַן
אייל — נאָר אַ'" [בעסער צו לעבן זייער ענג,
אַבֿי אָן זײַטיקע], שוו. ,,מיט אַ מיאוסער ווײַב
זיצט מען שטענדיק אַ',,, שוו. ,,מיר זײַנען
געבליבן אַ', אַ, אין צווייען", שע, 'שיר־השירים'.
,,איין שפּחה איין גויה טאָר מן ניט לושן אַ,
קאָכן, דען מן קנשׂ [= קען עס] ניט דער הויטן

[= דערהיטן],,, בראַנט, פּרק יח. ,,די מאַמע
גייט... אַוועק..., איבערלאָזנדיק די קינדער
אַ'‘, ממוס, שלמה. ,,איך האָב גאָר פֿאַרגעסן
אַז איך האָב איבערגעלאָזט די שטוב אַ'‘, דער
דיבוק.. , לעמבערג 1899. גלייבעכצן: מע
טאָר ניט איבערלאָזן אַ אַ געווינערין, אַ
— ,
חולה, אַ חתן, אַ כלה; מיטוואָך בײַנאַכט (אַויך
שבת־צונאַכט) איז אַ סכנה צו גיין איינער אַ'.
4. אַדוו. אָן שום הילף מצד אַ זײַטיקן, מצד
עמעצן. טאָן, מאַכן, אַרבעטן אע אַ'. לאָזן
עמעצן אַ, טאָן. אַ, מיט די אייגענע הענט. נאָר
דו אַ, ביסט אין דעם שולדיק. ,,ער קען זײַנע
ציין אַ, איבערציילן,,, פֿוול = נישקשה, ער קען
עס אַליין דורכפֿי□ן. ,,אַ,, אַ, וועט (= זאָל)
דאָס קינדעלע גיין,, — בײַם לערנען גיין. ,,אַ,
איז שיין‘‘; ,,איבער אַ, איז ניטאָ,,; ,,געבענטשט
זײַנען די הענט וואָס טוען אַ',,; ,,דינג דיר אַ
משרת און טו עס דיר אַ',,; ,,שאַף זיך מיט
וועמען דו ווילסט און טו אַ'‘; ,,אַ, קען מען עסן,
אָבער ניט אַרבעטן,,; ,,צו דער חופּה פֿירט מען,
צום גט לויפֿט מען אַ',,; ,,אַ, טוט מען, אויף
אַנדערע זאָגט מען‘‘; ,,קיין מת קען זיך אַ,
ניט באַגראָבן,,, שוו. ,,רבונו־של־עולם דו גיב

מיר פּרנסה, אַ ביסל בּראָנפֿן וועל איך זיך שוין קויפֿן אַ'‟ פֿוּל. אַ, זיך אויפֿכאַפּן צו חצות,

צו סליחות אע. אַ, זײַן אין שטאַנד דורכצולערנען (אײַנצובײַסן) אַ בלאַט גמרא. „זאָג ניט אונטער, איך וועל אַ, טרעפֿן‟. „ס'ווײַזט אויס, נאָך ניט געקומען די צײַט אַז דאָס פֿאָלק זאָל אַ, קענען פֿירן זײַנע קהלשע ענינים„, ממוס, אין אַ שטורס־צײַט.

5. אַדוו. פֿון זיך, אָן שום אייגענער אָדער זײַטיקער בּאַמיאונג. „קינדער און חובֿות וואַקסן אַ'„; „אַבי יאָרן, צרות קומען אַ,‟; „עס לאַכט זיך אַ„ עס וויינט זיך אַ'„; „אַ מכה שפּרינגט אויף אַ', אַ צרה נעמט מען זיך אַ„„ שוו. „אַ, טוט זיך ניט, אַ בעט באַדאַרף מען אויך אויסבּריִען [פֿון וואַנצן]„, דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881.

6. אַדוו. לויט אייגענעם אײַנזען. על דעת עצמו. אַ, נעמען געלט פֿון דער קאַסע. אַ, אַראָפּלאָזן פֿון פּרײַז. „ער איז אַ, אַוועק פֿון דער היים‟. „איין פּ‟ה [= פּרנס־החודש]... הוט ניט מאַכט אויז צו געבּן מעות הקהל אַ, מיין אַז שני זהו'... בלתי רשות ראשים או טובים„, תקק.

7. מיט אַדי בּ — איינציק, וואָס איז חד במינו. וואָס צו דעם איז קיינער (קיין זאַך)

אַליי'ן

ניטאָ. „[גאָט יתבּרך] איז איבּיג גיוועזן... אַ, אונ, קיינר מער“, בּראַנט, פּרק יג. „ער איז איינ‌יג אונ, אַ',,, חה, אַמשט 1716 יד/א. “גאָט איז אַ', ייִד איז אַ', אַ, — דער דערלייזער. און עשׂו עשׂוט אַלץ בּייזער“, צײַט, 'איינזאַמע דרײַ,.

8. מיט בּבּ: גופּא פּאַר זיך, פּערזענלעך. גע,
ניצט צו פּאַרשטאַרקן, אַרויסצוהייבּן, אָפּצוזונדערן אַ פּראָ (אָדער אַ סובּ). הנאה האָבּן פּון זיך אַ'. שעמען זיך פּאַר זיך אַ'. „אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו אַ, פּאַרשטייןֹ“. “ער אַ, איז געוואָרן אַנדערש,,. „איך אַ, האָבּ גאָר פּאַרגעסן ד גאַנצע מעשׂה“. *ס'קאָסט דיך (דיר) אַ, טײַערי
ער? = דו לייגסט דען עפּעס צו צו דעם? „אוי, שׂונאים האָבּ איך, מאַמע, שׂונאים אָן אַ שיעור, און פּאַרוואָס ווייס איך ניט אַ', או אַ'“ פּל
'
,

„הייבּ זיך אָן מיט אַ בּעסערן ווי דו בּיסט אַ'"; „קיינער קאָן ניט אָנטאָן מער שאָדן ווי דער מענטש טוט זיך אָן אַ',,; ,,דער ליגנער רעדט זיך זײַנע ליגנס אַזוי לאַנג אײַן, בּיז ער גלייבּט זיך אַ'"; ,,איטלעכער מענטש איז אויף זיך אַ, בּלינד,,; ,,אַ בּדחן מאַכט גאַנץ קהל (די גאַנצע שטוב) פֿריילעך, און אַ, איז ער אומעטיק (האָט ער אין דער היים צרות)"; ,,וואָס מ'איז אַ, זאָגט מען אויף יענעם,,, שוו. ,,אַן אומעטיק האַרץ ווערט בּײַ זיך אַ, שפּל", מס, משלי תּקע,,ד, טו, 13. ,,אין 14 טאָג וועט בּײַ מיר אַ, חופּה זײַן,,, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844, ז, 82. ,,איך אַנטפּלעק מיך צו מיר אַ, אינגאַנצן ווי איך בּין,,, ממוס, שלמה. ,,אויבּ ער אַ, וועט נישט אויסבּײַטן דאָס רענדל, וועלן אָבער זײַנע קינדער זײַן גוייִם", ייִז'... קאַרנאָווסקי. ,,אומרעספּעקט צו אונדזער שפּראַך מיינט אומרעספּעקט צו זיך אַ'", מוו, ייִשפּ I, ז, 37.

9. דזוו בּ7, צו פֿאַרשטאַרקן, אַרויסצוהייבּן רעפֿלעקסיווקייט פֿון אַ ווערבּ. ,,אַ דאָקטער קען זיך אַ, ניט היילן,,; ,,אַ, זיך צו לויבּן פּאַסט ניט, אָבער עס שאַט ניט"; ,,זיך אַ, — ווי מע וויל; אַ ווײַבּ, אַ קינד מוז מען מאַכן"

[דורכגעלאָזן אין ערשטער העלפֿט —
באַקליידן, אין צווייטער העלפֿט — קליידער];
„ער קיצלט זיך אַ, און לאַכט אַ'“, פֿוול
„... האָבן זיך אַ, אײַנגעוויגט אין אַ גוט
וויגעלע„, קמ, 12 1867, No. „... אַזאַ זאַך מיט
וואָס זי זאָל קענען זיך אַ, איבעראַנדערשן„,
א. ראַבאָי, אייגענע ערד.
1O. דזוו בּ8, אַרויסצוהייבן וויכטיקייט,
אויטאָריטעט. בּכבֿודו ועצמו. “ער זאָל לעבן האָט
עס אַ, געזאָגט“. דער רבֿ (מנהיג ראָש־הקהל
אע) אַ'! „מלאָכים ווען אונדז צו דער חופּה
פֿירן און גאָט אַ, וועט אונדז בענטשן“ פֿל
,
פֿאַר דעם גאָט פֿון חסד און רחמים...
...„
בײַ אים אַ, שטעלט ער זיך אונטער צו בעטן
מחילה„, שמעון בּעקערמאנן, דער מאָרגען
שטערן, אַדעס 1884. “גרונם איינער אַ'!“ —
אָפּלאַכעריש, שפּאָטיש. „ער אַ'!„ — אי מיט
דרך־ארץ, אי שפּאָטיש [אָפּהענגיק פֿון
אינטאָנאַציע]. „לאָזט, ײִדעלעך, דורכגיין דעם אָדו
הגדול אַ'“, אַר, 'דאָס טײַכל'. „ווער עס

באַאַליין

צאָלט פֿאַר דעם פּלאַץ מיין דער זיצט נעבן
דעם חתן אַ,“, עט, לידער.

11. געניצט אַרויסצוהייבן אַן איינציקן פֿון
אַ גרופּע, אָדער איין גרופּע פֿון אַ גרעסערן
כלל. „אַ, איז ער אַ ווילנער און זײַן ווײַב איז
פֿון טיף־פּוילן,.. „אַ, איז ער אַ גרויסער
וויצלער און אַ משמש בײַם רבין,„, א. בערגמאַן,
דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926. „וואָן
דוא מיר די שטאָט גלײַך עפֿנען ווילשט, שוועהר
איך דיר קיין נוצרי ניקש צו טהון, נור אַ, די
יהודים„, מע ה אומן. „אַ גרויסער אַכזר ניט
אַ, אויף ייִדן, נאָר אַפֿילו זײַן אייגן פֿאָלק...
האָט ער זייער אונטערדריקט“, שאַר, לעמבערג,
יאָר?

12. געניצט אַרויסצוהייבן איין זאַך,
באַגריף, אידיי (פֿין אַ קאָמפּלעקס). „מיט
כיטרעקייט אַ, וועט מען ווײַט ניט אַוועקגיין„; יחוס
אַ, איז צו קליין“, שון [בײַ אַ שידוך]. „אַ גאַנץ
י

יאָר דאַרף זײַן (דאַרף מען זיך נוהג זײַן ווי
אין) חודש אלול, און אלול אַ, איז דאָך טאַקע

אלול,,, ר, י□tראל סאַלאַנטער. ,,דאָס לעבֿן אַ, גיט קאָנצערט“, פּרץ, 'דער לץ'. ,,צוליכּ דעם אַ, איז דאָס לעבֿן אין די גרויסע שטעט גאָר קיין לעבֿן נישט“, ממוס, שלמה. ,,אַז די קאַרשן [פֿון קאַרשן־בראָנפֿן] זײַנען שוין גאָר אויסגעווייקט..., מאַכט מען אויף די קאַרשן אַ, אויך שהכּל“, בּרכות מנחם, [קעניגסבּערג תּרי,,ח], פֿז/בּ. ,,די שטאָט אַ, איז אויסגעוועפּט, אַלט,,, בּערג, אָפּגאַנג.

13. וואָס איז נאָר, האָט אין זיך נאָר. סאַמע, לויטער. אַ קהילה פֿון נאַראָנים אַ'. זי איז גאָלד אַ'. זי איז כּישוף אַ'. “אַ מלובה □ון מלכים אַ',,, אַל. זי איז די גוטסקייט אַ'.

14. קאָנ. בּלויז, נאָר. ,,אַ, גוט און גינאד זולן מיר נך יאָגן אַלי טג מיינש לעבֿן“ [,אַך טובֿ וחסד ירדפֿוני כּל ימי חיי', תּהלים, בג, 6] לויט בּוקסטאָרפֿס טעסאַורוס, [אַווע III]. ,,מיר זאָלן אונזר בּטחון האבּן אויף גאָט אַ',,, חה, אַמשט 1716, הקדמה. ,,ער נאַם מיט זיך זעקס הונדרט ריטר אַ',,, יוסיפֿון, אַמשט 1743, קפּה/ב. ,,אַ, דער ריח וואָס האָט פֿון אים אַ גיי געטאָן האָט אַלעמען אין דער נאָז אַ זעץ געגעבֿן,,, נס, משפּחה מאַשבּער I.

15. קען פֿאַרבּיטן ווערן מיט אַ פֿ י ל ו. דער

מלכות (קייסער) אַ, מעג עס עסן. די גמרא אַ,
זאָגט אַז.... דער רבֿ אַ, היט עס ניט אָפּ. „ניט
אַ, מן טוט ניט זײַן בגער„, ר, יואל חזן, ריח
ניחוח פֿיורדא 1724 [דר, י. שאַצקי, אַמפּ I].

,

„די קאָפּיקע פֿראָצענט איז אַזוי ליבֿ דעם
פּראָצענטניק אַז צוליבֿ איר שטעלט ער אַמאָל אײַן
דעם קרן אַ'„, ממוס, ווינטשפֿ. „אַ, ר, עקיבֿא...
איז דאָך בײַ דיר קײַ און שפּײַ“, יעקבֿ גאָרדין,
אלישע בן א▯ויה.

אַליין־ — ווי דער ערשטער טייל פֿון אַ
צונויפֿהעפֿט. מיט גרונט־בבֿ: 1. ווערט געטאָן פֿון
איינעם פֿון אַן איינציקן, געהערט צו אַן
איין,
ציקן. למשל: אַ'־הערשער, אַ'־שפּיל, אַ'־שוץ;
2. די טואונג גייט אַריבער נאָר אויפֿן טוער,
פֿארבײַט ז ע ל ב(סט), למשל. אַ'־קאָנטראָל, אַ'־

.

-

באַרימעריַ, אַ־ליבע. [אין אַ צאָל פֿאַלן טויג
ניט אָט אַזאַ פֿאַרבײַטן טאַקע איבער דער
צווייבאַטײַטיקייט פֿון אַליין־.]
בײַ די ניט־אויסגעטײַטשטע
ווערטער מיט אַ־ ← צווייטן טייל.

אַ־אַבסאָרבירונג	אַ—אויסרייד
אַ־אָבסערוואַציע	אַ־אונטערנעמונג
אַ־אָבסערווירונג	אַ־אונטערשאַצונג
אַ־אויסקוס	אַ—אייגנטום
אַ־אויסקומענדיק	אַ־אײַנטיילונג

אַליין־אינדוקציע — די. (פֿיזיק) דאָס
פּראָדוצירן אַן אינדוקטיוו־עלעקטראָמאָטיווע קראַפֿט
אין שטראָמקרײַז דורכן כּסדר ענדערן דעם
עלעקטרישן שטראָם.

אַ־אַכטונג	אַ־אָפּזאָג(ונג)
אַ־אַכפּערונג	אַ־אָפּטייטונג
אַ־אַנאַליז	אַ־אָפּנאַרער
אַ־אָנגעשטעלט	אַ־אָפּנאַרעריַ
אַ־אַנטוויקלונג	אַ־אָפּנאַרעריש
אַ־אָנלאָדנדיק	אַ־אָפּשאַץ
אַ־אָפּגעזונדערט	אַ־אָפּשפּיגלונג
אַ־אָנקלאָג	אַ־אָפּשאַצונג

אַליין אַראָפּוואַרפֿער — דער, ־ס. סאָוו.
-

שנײַדמאַשין וואָס וואַרפֿט אַליין אַראָפּ די אָפּגעשניטענע תּבֿואה.

אַ'־אַרבעט אַ'־באַנעצונג
אַ'־אַרבעטער אַ'־באַפֿרידיקונג
אַ'־באַגרענעצונג אַ'־באַפֿרידיקט
אַ'־באַדינונג אַ'־באַפֿרײַאונג
אַ'־באַהערשונג אַ'—באַפֿרײַט
אַ'־באַ□ואונדערונג אַ'־באַצוואונגען
אַ'־באַוואוסטזײַן אַ'־באַצווינגונג
אַ'־באַוואָפֿענונג אַ'־באַצוימונג
אַ'־באַוועגונג אַ'־באַרופֿן
אַ'־באַוועגלעך אַ'־באַרימער
אַ'־באַזי□גע
אַ'־באַשולדיקונג
אַ'־באַוו ר אַ'־באַרימעריי
□ -

ט
אַ'־באַזײַטיקונג אַ'—באַשולדיקט
אַ'־באַזײַטיקט אַ'־באַשטויבונג
אַ'־באַזינונג אַ'־באַשטויבט
אַ'־באַזי□ן אַ'־באַשטייאיק

אַ'־באַבוהט אַ'־באַשטײַערונג

אַליין־באַשטימונג — אַ'־ב, פֿון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. „עס ווײַזט זיך אַרויס ווי צבֿיעותדיק עס זײַנען די רייד וועגן אַ'־ב, פֿון די פֿעלקער“, ימ, נײַס, 1922.

אַ'־באַשטימט אַ'־באַשמוצונג

אַ'־באַשלאָסן אַ'־בילדונג

אַ'־באַשלוס אַ'—בינדער

אַליין־גייער — דער, ־ס. 1. ווער עס גייט אַליין, אָפּגעזונדערט. „מקנא בין איך אײַך, מתבודדים, אַ'־ג',„ חג, דער מענטש פֿון פֿײַער. “ער, דער אַ,־ג', דער פּורש מן הציבור, האָט שרעקלעך געליטן פֿון איינזאַמקייט“, ש. ביקל, טמז, 2 .20 X 1963. סאָוו. אַקעראײַזן וואָס מע דאַרף אים ניט שטופּן, ניט שפּאַרן אויפֿן הענטל מיט כּוח. ע איזראַ, פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928, ז, 24.

אַליי'נט

אַ'־גלאַנצנדיק אַ'־גענאַרעניש

אַ'־גלאָריפֿיצירונג אַ'־גענאַרערײַ

אַ'־גלאָריפֿיצירט אַ'־געצירט

אַ'־געוועלטיקונג אַ'־געצערטלט

אַ'־געוועלטיקער אַ'־געקומען

אַ־געזאַנג אַ־געשפּילט
אַ־געטריבן אַ־געשפּרעך
אַליינדיק — אַדי. ← אַליייניק. נר. [= דיק איז דאָ קעגן כּלל צו שאַפֿן אַדי פֿון ווערטער מיטן אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף.] ,,ווי ווערט איר אַ, רײַזן, דען איך ווייס דאָס דא גאַנץ אומזיכער איז,,, מע ה השם, לבֿובֿ תּרכ,,ב.

אַ־דערגרייכונג אַ־דערפֿאַרונג
אַ־דערהאַלטונג אַ־דערצויגן
אַ־ד רהאַלטגדיק אַ,־דערציאונג
רווײַלט אַ־דערקענונג
אַ־ד

אַ־דערלייזונג אַ־האַנדל
אַ־דערנידערונג אַ־היילונג
אַ־דערנע'רונג אַ־היילער
אַליין־הילכער — דער, וואָקאַל. ימ, שול־גראַמאַטיק, קאָוונע 1921.
אַ־הילף אַ־הערשונג
אַ־היפּנאָז אַ—הערשער
אַ־היפּנאָטיזירט אַ־הערשעריש
אַ—העכערונג אַ־וואָגלער

אַ'־הענדלער אַ'־וואוינער

אַ'־הערשאַפֿט אַ'־וואַנדערער

אַליין־וואַשער — דער, ־ס. מאַשין צו וואַשן כּלים. [וואַשמאַשין — פֿאַר וועש.]

אַליין־ווײַזער — דער, ־ס. אַפּאַראַט פֿון אַן

-

אויטאָ וואָס ווײַזט אין וואָסער ריכטונג מע פֿאַרקערעוועט זיך. „איצט דאַרף מען שוין די האַנט ניט אַרויסשטעקן. דער אויטאָ האָט אַן אַ'־וו„..

אַ'־וויליק אַ'־וועלט

אַ'־וויליקייט אַ'־וועדונג

אַליינזאַם — אַדי. נעאָל. וואָס לעבט אַליין. דזוו איינזאַם ←. „אַ'ע פֿרויען זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון זײַן קאַוואַלערישקייט“, טמז, 22 ׳ I 1963. סקב. „וועסט זיך דערזען אין אָנבליק פֿון דײַן אַ'“, משה שטיינגאַרט, אונזער צײַט, נ״י, סעפּט, 1965. ־קייט.

אַליין־זייאיק — אַדי. וואָס מע דאַרף ניט זייען, ווײַל דער נאָכוואוקס קומט אַליין. אַ'־ז'ער מאָן.

אַליין־זייאיק — אַדי. נעאַל. נר. וואָס איז

-

אַליין ־יקייט.

.
אַליין־זיין — דאָס. מצ נבּ. נעאַל. מצבֿ פֿון
--
זײַן אַליין. ,,ווער ווערט אים אויספֿײַנען, דײַן
טרוימערשן אַ־ז'?,,, פּמ, כאַליאַסטרע II, פּאַריז
1924. אַ־ז'־נעוראַז.

אַ'—זיכער אַ'־זי ן
אַ'־זיכערקייט אַ'־הוזק
אַ'־זינגען אַ'־השבּון

אַליי'נט — דזוו אַליין ←. אויך: אַליינעט.
פֿטמ. אַרכ. ,,בײַ דעם טײַך דעם ברייטן זיצט
זיך אַ מיידעלע גאָר אַ',,, פֿל (וואַרשע). ,,לאָז

אַליינטהאַלבּן

איך דיך דאָ אַ, איבּער,, פֿמ. ,,קינו [= קיינע]
,
זול ווײַטר אַ, גין אין קיין גוי הויז, זײַא דען
אין אונטרשטין פֿיר הויז, דז אָפֿן איז אויף
דיא גס“, 'תּקנות חכמי ומנהיגי ק,,ק פּראָג,
שע,,ב, [רשומות, ד, ת,,אָ תּרפּ,,ו]. ,,איין זאַו
וואשׂ מיט דעם שׂכל אַ, מוז פֿר שטאַנדן ווערן",
חה, אַמשט 1716, כח/ב. ,,זאָגט גאָט: עשׂ איז
ניט גוט דשׂ דר מענש זאָל אַ, זײַן,,, ספֿר תּס

וישר, זולצבאַך תק,,ס. ,,ניט אַ, דאז מאַן בעלי פֿאַר איין עושר גיהאַלטן האָט...,,, גה, 301.

,,וועז ◻יל לײַט מיט אַנדר גין, איז בעשׂר צו זאָגן (תּפֿלת הדרך) מיט אַנדר אַלז אַ',,, עפּש, סידור תּפֿילות אַמשט תק"ח, עב/ב. [פֿון די אַלטע טעקסטן קען מען ניט וויסן, צי דער אַרויסריוו איז געוו◻ן אַליינט אָדער אַליינעט.]

,,גאָט האָט ניט אַ, פֿאַרבאָטן פֿון דעם עץ־הדעת צו עסן, אַפֿילו ניט אָנרירן דאַר◻ן מיר דעם בּוים,,, צור, בראשית. ,,דו האָסט פֿון מײַנס אַ ריף אַ פֿרוי באַשאַפֿן, ווי איך באַשאַפֿן בין פֿון דײַנער — נאַקנדיק אַ',,, סוצ, וואַלדיקס.

אַ'־טאַדל(ונג) אַ'־טאַנץ
אַליינטהאַלבן — אַדוו. צוליב זיך אַליין.

,,וע,,ע [= וועת־עתה] מיך אַלינד האַלבין ערקונדיגט...,,, אגרת שלמה, ח/ב.

אַ'־טואונג אַ'־טראַנספֿאָרמאַציע
אַ'־טיילונג אַ'־טראַנספֿאָרמירונג
אַ'־טראַכטעניש אַ'־יהוס

אָליי ניצע — די, ־ס. דזוו אוליייניצע,

◻. 508. וואַרשטאַט וואו מע פרעסט אויס אייל.

־ניק — דער, ־עס◻ אויך: אָליניק. ווער עס אַרבעט אין אָן אָליינִיצע. בעל־הבית פֿון אַן

אָלייניצע.

־ניטשקע — די, ־ס. 1. פֿרוי פֿון
אָלייניק. 2. כּלי צו האַלטן אָליי'. 3.
אייללעמפּעלע אין פּויערישע הײַזער.

אַלייניק — אַדי. וואָס איז אַליין. איינציק.
אויסשליסלעך. איינזאַם, עלנט. בּאר משה
טײַטשט אַזוי „גלמודה", (ישעיה, מט, 21) [תּי:
"עלנט"]. אַ'ער בּעל־דעה, הערשער. „ער זיצט
אַלייניג אין דער בּיטריפּטי גרויב [= בּאַטריבּטע
גרובּ]", גה, 267. „האָט אַל זײַן לעבּן טאָג קיין
פֿרעמד ווײַבּשׂ בּילד אַן גיזעהן אַלשׂ אַלייניג
זײַן אייגן ווײַבּ„, מבּ, מעשׂה רמו. „איבּיג זאָל
זיך דער מענש מרחיק זײַן אום אַליינג צו זײַן
אין איין חדר מיט איין (גויה)„, מהמ, כד/ב.
"בּײַם שטעגל זיצט אַ העזל, גרוי, אַ', קײַט אַ
גרעזל„, מל, „אַ העזל'. „עתּיקא, דער איינציק
אייניקער, דער אַלציקער, דער אַ'ער...„, צײַט,
מטטרון. „האָבּ איך מיך אַרומגעדרייט אַן אַ'ער,
אַן איינזאַמער און פֿאַרלאָזענער מענטש„, י.
טיגער, דער צדיק און דער בּעל־תּשו ה.

־יקייט.

אַ'־בּשרונג אַ'־ליבּע

ריזירוג אַ'־ליקו דירונג

טע

אַ־כּאַראַ - אַ־לייט רונג
-

אַ־לויבּ אַ־לעגיטימירונג
אַ־לויטערונג אַ־לעסטערונג
אַ־לויכטנדיק אַ־לערנונג
אַ־לויערונג אַ־לערנען

אַ־לערנער אַ־מאָלעריי
אַ־מאָדולירונג אַ־מאָנונג
אַ־מאַטערניש אַ־מאַסירונג
אַליין־מאָרד — דער, ־ן. 1. מאָרד וואָס מע פֿירט דורך אַליין, אָן אַ קאָנספּיראַציע. אַ פּאָליטישער אַ־מ.. 2. דאָס טייטן זיך גופֿא. זעלבּסטמאָרד. זיך־מאָרד [פֿאַרן בּ2 איז גלײַכער ניט צו ניצן אַ־מ'.]
אַ־מוטשעניש אַ־נוצן
אַ־מוסר אַ־נערונג
אַ־מסהר אַ־סדרונג
אַ־מעלדונג אַ־סוגעסטיוו
אַ,־מערדער אַ־סוגעסטיע
אַ,־משפּט אַ־סוגעסטירונג
אַ־נאָגעניש אַ־סטראַכירונג
אַ־נאָרמירונג אַ־סעגרעגירונג

אַ׳־נאָרמירער אַ׳־
ספּעציאַליזיאַ׳־נאַרע
אַ׳־ספּעקטאַקל
דיי רונג
-

אַ׳־נו ן
אַליינעט — ← אַליינט פֿטמ. ,,איך קען עס

טאָן אַ׳“.

פּאַציע אַ׳־
פֿאַרהערלעאַ׳־עמאַנצי־ אַ׳־פֿאַרדאַמונג

אַ׳—עסעניש כונג
אַ׳־ע סיסטעג ו אַ׳־פֿאַרוואַל נג
אַ׳־ע זאַמענירונג אַ׳־פֿאָרוואור

אַ׳־פּאָלעמיזירונג אַ׳־פֿאַרזיכערונג
אַ׳־פּאַ די ונג אַ׳־פֿאַרטיל ונג
י

אַ׳־פּאָ
ונג
ל מי אַ׳־פֿאַרטיידי

אַ'־פּאָרטרעט אַ'־פֿאַרלייקענונג
אַ'־פּוץ אַ'־פֿאַרמשפּטונג
אַ'־פּוצערײַ אַ'־פֿאַרניינונג
אַ'־פּײַניקונג אַ'־פֿאַרניכטונג
אַ'־פּלאַנירונג אַ'־פֿאַרסמונג
אַ'־פּסקעניש אַ'־פֿאַרצערט
אַ'־פּראָבירונג אַ'־פֿאַרקוי
אַ'־פּראָבירט אַ'־פֿאַרקויפֿער
אַ'־פּראָדוצירונג אַ'־
פֿאַרקלענעאַ'—פּראָדוצירט רונג
אַ'־פּראָפּיטירונג אַ'־פֿאָרשונג
אַ'־פּראָקלאַמי־ אַ'־פֿלוס
רונג אַ'־פֿלי
אַ,—פּר ו לאַמירט אַ,־פֿל וגג
אַ'־פּראָ י ר
אַ'־פֿע
אַ'־פּרעזענטירונג אַ'־פֿעלשער
אַ'־פּרעזענטירט אַ,־פֿרעגער
אַ'־פֿאַבריצי־ אַ'־צאָלער
רונג אַ'־צוועק
אַ'־פֿאַבריצירט אַ'־צוטרוי
אַ'־פֿאַראורטיי־ אַ'־צויבער
לונג אַ'־צופֿרידן

אַ'־פֿאַראַכטונג   אַ'צופֿרידנקייט
אַ'־פֿאַרגוואַלדי־ אַ'־צינדער
קונג   אַ'־צעגלידערונג
אַ'־פֿאַרגיפֿטונג   אַ'־צענזורירונג
אַ,־פֿאַרגעטערונג אַ'־צעפֿאַלונג

אַליין־קאָכער — דער, ־ס. עלעקטרישער קאָך־אַפּאַראַט וואָס לעשט זיך אַליין אויס נאָך אַ פֿאָרויסבאַשטימטער צײַט אָדער טעמפּעראַטור.

אַליי'(ע)

אַ'־קאָנטראָל   אַ'־קאָרעגירס
אַ'־קאָנטראָלירט אַ'־קאָרעקצ□ע
אַ'־קאָסט   אַ'־קוויטירונג
אַ'־קאַסטרירונג   אַ'־קוי□;
אַ'־קאַסטרירט   אַ'־קויפֿער

אַליינקייט — די (דאָס), ־ן. מצבֿ, אייגנשאַפֿט אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אָליין.

אומעטיקע אַ'. אָ, פֿון אומעט. „איך בין געלאָ□ן איבער מדבר־דערנער, איבער פֿעלדז־גראַניטן, אַלץ ווײַטער, ווײַטער אין דער הייסער שטילקייט און אַ',„ הל. „ביז אויך מײַן פֿאַרבענקטע אַ, וואַכט אויף אין דער פֿריידיקער מי“, סוצ, בלאָנדער באַגינען. “איבער בלאָע טײַכן

לבֿנהמלכות גייען שטאָלץ אין אייבּיקער אַ',,, יעקבֿ פֿרידמאַן, די לעגענדע נח גרין.

אַליין־קלינגער — דער, ־ס. וואָקאַל. ק ל טור און בּילדונג, מאָסקווע 1918, No 13‑14.

אַ'־קרבּן אַ'־רעכט

אַ'־קריטיק אַ'־רענעסאַנס

אַ'־קריטיש אַ'־רעסטאַווירט

אַ'־רהמנות אַ'־רעספּעקט

אַ'־ריכטער אַ'—רעפּאַרירונג

אַ'—רעאַליזירונג אַ'־רעפֿאָרמירט

אַ'־רעאַליזירט אַ'־רעפֿאָרעם

אַ'־רעגולירונג אַ'־רעצענזיע

אַ,—רעגיסטראַציע אַ'־רשות

אַ'־רעגיסטרירט אַ'־שאָדן

אַ,—רעגירונג אַ'־שאַכמאַט

אַ,־רעגירער אַ'־שאַפֿונג

אַליינשאַפֿט — די. מצ נבֿ. מצבֿ פֿון זײַן אַליין. אַ'־ג ע פֿ י ל. "די 22 יאָר פֿון איר אַ'", ש. בּיקל, טמז, 2 1963 I.

אַ' שאַצונג אַ'־שטעל

אַ'־שדכן אַ'־שטעלונג

אַ'־שו ן אַ'־שײַן

אַליין־שלעפּער — דער, ־ס. יעדער מין

שלעפּמאַשין. „אַרויפֿגעשלעפּט... מיט דער
הילף פֿון אַן אַ־ש, אָדער נאַריע„, ע. איזראָ,
פֿון פֿעלד צוס טיש, קיִעוו 1928.

אַ'־שעדיקונג   אַ'־שרײַער
אַ,־שעדיקער   אַ'־תּכלית
אַ'־שעדיקערײַ   אַ'־תּפֿילה
אַ'־שפּיל(ער)   אַ'־תּפֿיסה

אַליי,(ע) — די, ־ן, ־ס. אויך: אַלעע. <איי
<פֿר. 1. שטעג אין פּאַרק, שפּאַציר־וועג, גאַס
באַזעצט פֿון ביידע זײַטן מיט ביימער. ברייטע
(פֿינצטערע, דעמכענע, בעריאָזענע אאַ) אַ,.
שפּאַצירן איבער אַ'ען. זיצן אין אַ, אויף אַ
באַנק. “דער גאָרטן איז געווען פֿול מיט
אַלערליי שיינע ביימער... די שיינקייט פֿון זײַנע
אַ'ען... איז גאָרניט מיגלעך צו באַשרײַבן„,
בלעטער, No 19. „און עס דרימלען די אַ'ען, /
און זיי זעען אויס פֿאַרטרונקען /—האַלב אין
בלאַסע, מאַטע שאָטנס, / האַלב אין שטראַלן
ווײַס פֿאַרזונקען“, אַל, 'אין גאָרטן'. „ווי
צווילינגס פֿון געבאָרן די ביימער־רייען שטייען,
און ס'האָבן זיך פֿאַרלאָרן אַ'ען אין אַ'ען„, ב.
לאַפּין, צייכנס.

אַלײַען

2. פֿאַס לעדער אַרײַנגענייט אין די
מיטלסטע טײלן פֿון גאַליפֿע־הויזן, זיי זאָלן זיך
ניט אָפּרײַבן בײַם רײַטן. „ס'איז אַרויס אַ
נײַע מאָדע / הויזן מיט אַ'ס, / אוי, אַלע שיינע
מיידעלעך, / זיי דרייען זיך די פּאור[", פֿל.
אַלייען — ← אולײַען, 508.
--
אַלייענס — די, ־עס. אַמ. ← אַל אַנס
פֿאַר—   י .
איין פֿאַראייניקונג.
.
אַליראָ'ן — דער, ־ען. <איי <גר. פֿראָטע־ □
א□ן אין די קערנער פֿון תּבֿואה.
אַל יכנס אָדם פּתאום לבֿית הבֿירו —
[... ייִקאָנייס אָדאָם פּיסוים לייבֿייס (לייוויס)
כאַווײרוי] זאַץ. תּח. <דרך ארץ רבה, ה. אַ
מענטש זאָל ניט אַרײַנגײַן פֿלוצלינג אין הויז
פֿון זײַן חבֿר.
אַלילוי קע — דער, ־ס. <אוק <הללויה.
צונאָמען פֿאַר אַ פּאָפּ (פּאָד, מג) ־שטשיק —
□
.
דער, ־עס. <רוס סאָוו. אונטערלעקער. ווער

עס לויבט אויף אַן איבּערגעטריבּענעם אופֿן די
מאַכטהאָבּערס ־שטשינע — די. בּא
סיס.
טעם פֿון חניפֿה. אונטערלעקערײַ.
אַלים — [אויך: אַלעם] דער. מצ נבֿ <גיטין,
סב/ב. 1. שטאַרקער, קראַפֿטיקער, גבֿר. „ער
וואַר אַן אַ', ד„ה אַזוי אַ מענטש וואָס זיך קיין
-
עוולה געלאָזט טאָן“, אמד. אויך: גכר אַ'.
אויך: ג ра אלימא. 2. חצוף, תּקיף,
ווידערשפּעניקער. „דער וואָס איז איין אַ, און וויל
ניט פֿאָלגן קיין משפּט“, קה, סג/ב. “דיזער
גראַף איז אַ גרויסער אַ, (אַ תּקיף) בּעוונותינו
הרבּים, און וועט חלילה... אָנטאָן גרויסע
צרות“, אמד, דער ליטוואַק אין וואָליניען, ווילנע
1870. . אַלם.
אָלים — ← אָליום. „מכּל דבֿר מוציאין שמן
ואַפֿילו מאבנים (והוא הנקרא אָ')...„, ר,
שניאור זלמן, הר מל אַדי, לקוטי תּורה, פּרשה
י
שלח, זשיטאָמיר 1848. “ווי רפֿואות שטייען אין
יעדן פֿענצטער צו צוויי גלעזלעך מיט אָ',„
בּערג. “מיטן פֿרילינג, מיטן זומער פֿרווו איך

איַנדעקן פֿאַרהילן דיַין געוויין, וואָס איז
באַ,
פֿאַלן אין מיַין אויגאַפּל ווי אָ'“, סוצ, ייִדישע
גאַס.
אַ'לימאָנ י — די, ־ס. אַמ. alimon: .
אַלימענט (←) וואָס אַ מאַן מוז צאָלן זיַין וויַיב
וואָס ער איז זיך צעגאַנגען מיט איר אָדער זי
געגט. „דער סך־הכּל פֿון ליבע איז — צאָלן
דירה־געלט אין אָנהייב און אַ, צום סוף“, דער
לעבעדיקער פֿאַש, 25 1952 I. אַלימאָנקע
,
— די, ־ס פֿרוי וואָס לעבט פֿון אַלימאָני (
גע.
ווינלעך שפּאַסיק אָדער איר).
אלימלך — [עלימעלעך] מענער־נאָמען. <רות,
א, 2. 'מיַין גאָט איז קיניג'. נאָמען פֿון נעמיס
מאַן. באַרימטער צדיק פֿון ליזענסק, מחבר פֿון
נועם אלימלך. „אַז דער רבי א, איז געוואָרן
זייער פֿריילעך...“ פֿל טמ באַצייכענונג
,
פֿון יחוס. „וואָס דופֿעט ער פֿון (מיט) זיך? ווער
איז ער? א'ס אַן אייניקל?“. [ביַים שריַיבן אַ
כּתובה, אַ גט איז געווען דער נוסח: משה

אלימלך דמיתקריי (= דעמיסקעריי, וואָס ווערט

1373

אָנגערו□ן) אָדער המכונה (= האַמכונע, וואָס
זײַן צונאָמען איז) מלך (מיילעך).]
אַלימע'נט — דער, ־ן (מיינסטנס בלויז מצ).
<איי <ל. 1. לעבנס־מיטלען, מזונות.
באַזאָרגן דאָס יתומים־הויז מיט אַ'ן. 2.
יורי□ישע התחײַבֿות צואַנאַנד מצד די נאָענטסטע
משפּחה־מיטגלידער (עלטערן לגבי קינדער און
אויך אומגעקערט) צו זאָרגן וועגן זייער
אויסהאַלט. ספּעצ, אָבליגאַציע וואָס עס האָט אַ מאַן
צוצוטראָגן צום אויפֿהאַלט פֿון זײַן געגטער
פֿרוי אָדער וואָס ער איז זיך מיט איר
צעגאַנגען. „אַ'ן — ד"ה געלט וואָס די מוטער קריגט
אויסצוהאַלטן דאָס קינד, געבֿוירן ניט־
אומגעזעצלעך", ימ איבֿז, ייִנגל און מיידל, 1929.
„... האָט געוואָרפֿן דאָס ווײַבֿ נאָך פֿאַרן
קימפּעט (דאַן איז נאָך דער אַ'ן־סיסטעם ניט
געווען)" □ײַוול סיטאָ, דערציילונגען, כאַרקאָוו,
1934. ־אַל, ־אַ'ר — אַדי. וואָס האָט אַ

שײַכות צו (נעמט זיך פֿון) באַשפּײַזונג. „
אײיוױיַסמילך... קען אָנגעװענדט װערן בײַ אַלע
שלשולס פֿון אַ'ער אָפּשטאַמונג", 'טאָז, שרי◌טן,
װאַרשע 1929 ־נע — אַדי. רוסיצ. ־
שט.
שיצע — די. רוסיצ. —שטשיק — דער.
װער עס צאָלט אַ'ן. ־ירן — טרוו.
אָלי'מפּ — דער. גנ. באַרג אין צפֿון־
גריכנלאַנד. לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע אוי◌־
האַלט אָרט פֿון די גרעסערע געטער. „דאָך מיר
־
האָט פֿון זיסע דמיונות מײַן מוח אַ תּיבֿה
געבֿויט װי פֿאַרצײַטן האָט נח, און האָט מיך
אַריבערגעטראָגן די װעלן, צום דופּטיקן באַרג,
צו אָלימפּוס דעם העלן", יהואָש, 'אָלימפּוס
און חורבֿ, פֿיג. סימבאָל פֿון חשיבֿות, אויך
.
פֿון גרויסהאַלטערײַ. "... אויפֿגעהאָדעװעט
געװואָרן נישט אין קעלער כּײַם װאַרשטאַט 'אין די
שמאָלע געסלעך', נאָר ערגעץ אויף אַ פֿעלדז
פֿון אָ'", שנ, װעגן ייִד, שרײַבער II. „די
רעגירונג װעט ניט האָבן קיין מאָראַלישע רעכט צו
פֿאָדערן קרבנות פֿון דער באַפֿעלקערונג, אויב
ז אַליין װעט ניט אַראָפּגיין פֿון איר

אויפֿגעי
בלאָזענעם אָ'וס,,, מ. צאנין, דער ייִד, זש ורנאַל, תּ אַ, 27 1967 I.

"
־יע — גנ. הויכלאַנד אין אַנטיקן גריכנלאַנד, וואו עס פֿלעגן פֿאָרקומען די אָלימפּישע שפּילן.
־יש — אַדי. אָ'ע געטער. אָ'ע רואיקייט. ,,באַטראַכטן די גרויסע בלוטיקע דראַמע מיט רואיקייט פֿון אַן אָ'ן גאָט", דא שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1919.
־יער — דער. 1. אַ גאָט וואָס וואוינט אויפֿן אָלימפּ. 2. גרויסער עפּישער פּאָעט. געטע דער אָ'.
אָלימפּ אַדע — די, ־ס. 1. גרויסע אַטלעי
טישע פֿאַרמעסטן און אימפּאָזאַנטע טעאטערשפּילן וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין אַנטיקן גריכנלאַנד יעדער פֿערטן יאָר (די גריכן האָבן געפֿירט זייער צײַט־רעכענונג לויט די פּעריאָדן פֿון די אָ'ס). 2. אינטערנאַציאָנאַלע ספּאָרט פֿאַרמעסטונגען וואָס ווערן (זינט 6 18) איבערגעחזרט אַלע פֿיר יאָר, יעדער מאָל אין אַן

אַנאַל יעבֿור

דער לאַנד. „אין... קומט פּאָר איצט די
אַזויגערופֿענע אָ'. דאָס זײַנען פּאַרשיידענע
ספּאָרטוועטענישן, נאָכגעמאַכט די אַמאָליקע
אָלימפּשפּילן וואָס פּלעגן פֿאָרקומען אין אַלטן
גריכנלאַנד“ פּגעז, ווילנע 7 1924, No. וו י נ ט ע
ר,
אָ'.
אָלינט — דער, ־ן▯ אויך: אַלינט. (באָטאַניק)
לאָטוס־געוויקס פֿון די לענדער אַרום
מיטלענדישן ים. מין זונבלום (ציסטוסרויז). וואַקסט
אויף נידעריקע קוסטעס מיט רונדיקע אָדער
לענגלעכע בלעטער. um▯he▯lian▯s be▯ו▯ו[isו▯.
אָ־וו אָ ר צ ל — גענוצט אין
דער פֿאָלקס־מעדיצין אין
רפֿואות קעגן הוסטן און
קורצן אָטעם. „נעם איין
לויט לאַקריץ פּענכיל, און,
,
פּעלד קימל... א▯ן.
האַליב לויט אַלינט
וואָרציל...,,, סור, פּיורדא

תפ״ח, רבֿ/א. אָ־וו ײַ ן — טונקל־רויטער,
פֿײַנשמעקנדיקער זאַפֿט וואָס מע באַקומט אַרויס
פֿון די בלעטער פֿון אָ־קוסט. באר התורה, מסt
און סשי פֿאַרטײַטשן 'לוט, (לט) (בראשית, לז,
25): ,,אַלינטווײַן‟ [תּי: ,,לאַדאַן,,].
אָליניע — די, ־ס. אוקר. אָרט וואו מע פּרעסט
אייל פֿון געוויקסן. ״געהאַט האָט ער אַ וואַלד,
אַ מיל און דרײַ אָ'ס״ ײַנ דאָוויד בלאַנק, נ״י
,

.1934
אַלינע — די, ־ס. דזוו לינע = שטריק. <פּויל
,,מיט אַן אַ, פֿאַרצויגן גלײַך, גאָט ווייס, צי
מיר וועלן אַריבערגיין,,, פֿל.
אַ'לינקע — צפֿ פֿון אַלע ← פֿטמ. אַלערליי.
.
יעדע, יעדער. אַ, ווײַלע. אַ, צוזאַמען. ״קינדער
שוין אַ, דאָ?״. ״איר האָט דאָ אַ, סאָרטן
שפּילכלעך,,. ,,די באָבע האָט צוגעגרייט אַ,
פּאָטראַוועס״. ,,די קינדער ווילן אַ, זאַכן אין דער
וועלט,,. ״דער רבי טובֿלט זיך אין מקווה אַ,
אינדערפֿרי״. ,,אַ, טאָג אינדערפֿרי וועט זי קריגן
אַ ווײַסע בולקע״, זש, די משומדתטע. ״האָבן
געלאָזט צו זיך אַ, קינדער פֿאַרבעטן,,, מאָל,

מע□הלעך. „צערטל ווײַטער און דערצערטל אַ, פֿאַרלאַנגען“, סוצ, ייִדישע גאַס. „אויף מיר און אויף אַלע, אויף אַ, ייִדן“, סעג, איצטער.

אַליע — די, ־ס. <אַליה (←). (קצבֿים־לשון) פֿעטס. זאָדיק־שמאַלץ, זאָדיק־פֿעטס. עק פֿון אַן אָקס, געקאָכט אין יויך.

אַל יעבֿור — [... יאַ אַוואויר (אַ אַוואָר)] פֿראַ

□ י □

זע תּח. <פּסחים, כה/ב; סנהדרין עד/א. 'ער זאָל ניט עובֿר זײַן'. [ווען מע צווינגט אַ ייִדן (דורך סטראַשען מיט טויט אָדער עינוייִם פֿון טויט) ער זאָל טאָן איינע פֿון די דרײַ עבֿירות: עבֿודה־זרה, גילוי־עריות, שפֿיכות־דמים — זאָל ער זיך בעסער לאָזן טייטן איידער אויספֿאָלגן] ד„ה ניט נאָכגעבן, ניט מוותּר זײַן. (□ אונס, 7□)8). „אָבער פֿאַראַן אַ רעאַלער פֿאַקטאָר — ...

בעת די פֿאַרהאַנדלונגען — אין דער בחינה פֿון אַ, י'... בשײַכות מיט דער צוקונפֿ[ט פֿון מדינת־ישׂראל„, איק□ 12 1968 □I.

אליעזר

אליעזר—[עליעזער] מענער־נאָמען. <בראשית,

טו, 2. 'מײַן גאָט איז הילף'. נאָמען פֿון
אַבֿרהם אָבֿינוס קנעכט, וואָס האָט זיך געלאָזט
קיין אַרם־נהריים צו בּרענגען אַ ווײַב פֿאַר
יצחקן פֿון דעם געוויינלעך לייזער [קהלת
.
רבּה, ז, 16: אָמר ר, לעזר]. פֿפֿ: אלעזר,
דערפֿון: לאָזער.
אָל(י)ע(י)אַרניע — די, ־ס. <פּויל.
וואַרשטאַט וואו מע פּרעסט אויס אייל. „שטייט ער
אײַנגעבּויגן אין דרייען בּײַ די פּרעסן אין דער
אָ“", פּרץ, 'דער ייִדישער קוועסטאַר'.
אַליע־ליוליע — כאַראַקטעריסטישע
קאָמבּינאַציע פֿון קלאַנגען בּײַם אײַנשלעפֿערן, אײַנוויגן
אַן עופֿעלע. אויך: אַלע־לולע. „אַ־ל', שלאָף
מײַן גדולה, שלאָף מײַן טײַער קינד“, פֿל. “אַ־
ל', אַ־ל', שלאָף, מײַן טײַערער און רו. וואויל
איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען און אַ וויגעלע
דערצו“, דא, גש I. אַ־ל'ן — אקוזוו. אַ־ל'ן
דאָס קינד. פֿרגל: אײַליי־ליו־ליו, און ווײַטער,
ז, 1084.
אָל(י)עמבּיק — דער, ־ס. אויך: אַליעמבּיק.
(זאָאָלאָגיע) פּעליקאַן (ל2). גרויסער שווימפֿויגל
פֿון אַלע וועלטטיילן.
לעבּט ס'רובֿ בּײַ גרויסע

אָזערעס. צייכנט זיך אויס
מיט זײַן לאַנגן האַלדז
און לאַנגן שנאָבל וואָס
האָט פֿון אונטן אַ סאָרט
בײַטל וואו דער פֿויגל
זאַמלט אָן אַ רעזערוו פֿון
געכאַפּטע פֿיש צו שפּײַזן
זײַנע קליינינקע.
אַליענ אַציע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
אָפּגעפֿרעמדטקייט. ד אַ, פֿון דער ייִדישער יוגנט.
'
2. צערודערטקייט, צעחושטקייט וואָס דערגייט
צו דער מדרגה פֿון אַ פּסיכישער קראַנקייט.
־יזס — שטודיע פֿון אָט דער פּסיכישער
קראַנקייט. ־יסט — פּסיכיאַטער וואָס
ספּעצ אַליזירט זיך אין אַ'יזם ־ירן — טרוו.
' .
אָפּפֿרעמדן.
אַליערלעך — אדי. וואָס איז (געשעט, קומט
פֿאָר, ווערט אײַנגעשטעלט אע) יעדער יאָר. אַן
אַ'ער יריד. אויך: אַליעריק — „ אַ'ע אָרגיע

פֿון די סטודענטן“, נס, איבֿז, וויקטאָר הוגאָ,
נאָטרדאַם, קיִעוו 1929.
אַליפֿאַגע — די. דזוו אַלפֿאַגע ←.
— — ל□: — [... ייִפּאָטייר אָדאָם
מייכאָאל יפּטר אדם מהבֿירו אלא מתוך
ד□רי ה
וויירוי עלאָ מיטוי'ד (מיטאָך) דיוורייִ האַלאָכע]
זאַץ. תּח. >ערכין, סד/א; בּרכות, לא/א. ,אַ
מענטש זאָל זיך ניט שיידן פֿון זײַן חבֿר נאָר
מיט אַ דבֿר־הלכה, [סוף זאַץ: שמתּוך כּך
זוכרהו — ווײַל אַזוי אַרום געדענקט ער אים
(בּעסער), אַ קאָמבּינאַציע פֿון ראַיה, שמיעה
און דיבּור]. [חבֿ“דיש: עס איז ניט גענוג צו
זאָגן אַ דבֿר־תּורה, נאָר מעררר צו זײַן ער זאָל
ווערן אַ מהלך, אַ גייער וואָס שטײַגט העכער
און העכע□].

1379

אַליפֿע'ד — דער, ־ן. <איי <ל. (זאָאָלאָגיע)
יעדער מין בּאַשעפֿעניש וואָס האָט (פֿיס)פֿינגער,
צונויפֿגעוואַקסענע מיט אַ הויט (ווי בּײַ אַ
י

פֿלעדערמויז).

אַליסאַטיש — אַדי. <איי <גר. (כעמיע) וואָס איז אַן אָרגאַנישער צונויפֿהעפֿט און פֿאַרמאָגט אין זיך פֿעטס (למשל, פּאַראַפֿין). אַ'ע פֿאַרבינדונג.

אָליפֿע — די. בא. <איי <גר. איבערגעקאָכטער געוויקסן־אייל וואָס ווערט גענוצט אין דער פֿאַבריקאַציע פֿון איילפֿאַרב. ,,זײַן לאַנג דאַר פּנים איז אָפּגעבערענט געווען און געהאַט אַן אָ־רויטן קאָליר״, איבז וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער, מינסק 1936.

אלי ציון — [עלי, ציִ־יוין] קלאָג, ציון. ערשטע ווערטער און רעפֿריין פֿון ר, יהודה הלוים קלאָגליד וואָס מע זאָגט תּשעה־באָבֿ אינדערפֿרי, מיט אַ טראַדיציאָנעל־טרויעריקן ניגון. ,,איך בין געבליבן זיצן שטיל... אונטערברומענדיק... דאָס... ניגונדל פֿון א, צ׳״, ממוס, 'שם און יפֿת'. [שבת־חזון זאָגט מען 'לכה־דודי, מיטן טרויעריקן ניגון פֿון א, צ'.] נאָך א, צ, קומט דאָס וואַרט 'ועריה, [ווייאַרעהאָ] — און אירע שטעט. ״בעת ער [דער וועלטלעכער] איז אין מנין אום תשעה־באָבֿ און ער זינגט נאָכן חזן א, צ, ו'... לעבט ער דורך די זעלביקע רעליגיעז־פּאָעטישע געפֿילן פֿון די עכט־פֿרומע״,

זשיט I, נ"י 1912.

אַליציקליש — אַדי. <איי <גר. (כעמיע) אַליפֿאַטיש, אָכּער וואו די קוילנשטאָף אַטאָמען -

זײַנען פֿאַרבונדן אין אַ רינג, ניט אין אַ לויזער קייט. אַ'ע סטרוקטור.

אַליק I — אדי. דזוו אײַליק 1084 ←) II).

טערפֿקע פֿון אַ זויערן עפּל ווערן די ציין

. "

אַ'". „עפּעס וואָס איז טערפּקע. אַ, אויף די ציין ווי טערני־סליווקעס נאָכן ערשטן פּראָסט", נאַד, טינט און עדער, נ"י 1936.

אַליק II — אַדי. נעאַל. < אַל. וואָס נעמט אַלץ אַרום. וואָס איז אַלץ. „כ'וויל דער שאָטן זײַן פֿון דײַן אַ, פֿײַער, אָוונט מײַן געטרײַער", סוצ, וואַלדיקס.

אַליקוואָ'ט — אַדי וואָס איז אַ טייל פֿון אַ גרעסערער צאָל אָדער גרעסערן סכום און בײַם טיילן האָט ניט קיין רעשט. למשל, 5 איז אַן אַ'ער טייל פֿון 15, 4 איז אַן אַ'ער טייל פֿון 16. געפֿינען אַלע אַ'ע טיילערס פֿון הונדערט (50, 25, 10, 4, 2). אויך סובֿ — דער. ־נע — אַדי.

אַליקוואַ'נט — אַדי. <איי <ל. (מאַט) וואָס

איז אַ טייל פֿון אַ גרעסערער צאָל אָדער גרעסערן סכום, אָבער בײַם טײלן באַקומט זיך אַ רעשט, למשל 5 איז אַן אַ'ער טייל פֿון 16. אויך סובֿ — דער. ־נע — אדי.

אליקום, ־קים — [עליאָקום, ־קים] מענער־נאָמען. <מלכים בֿ, כג, 34 אאַ. 'גאָט זאָל (מיר) בײַשטיין'. קעניג פֿון יהודה. ממונה איבערן קעניגלעכן הויף פֿון חזקיהו. א, צ ו נ ז ע ר.

אלישע □ □

אַ ייִד מיטן נאָמען ג ע צ ל פֿלעגט מען אויפֿרופֿן צו דער תּורה: 'יעמוד ר, א'־געצל בן...'.

אַל ירבּו כּמותו בּישׂראל — [... י□ו.בּו קעמויסוי בּעייִסראָעל] זאַץ. תּח. <תּענית, כ/ב. 'עס זאָלן זיך ניט מערן ווי ער (ווי זײַן גלײַכן) בײַ ייִדן'. [וואונטש און אויך קללה בײַם רעדן וועגן אַ ייִד וואָס איז שעדלעך אָדער אַן אומכּבֿוד פֿאַר זײַן פֿאָלק.] היפּוך: כּן ירבּו... אָדער הלוואַי ירבּו....

אַליש — צונויפֿגעזעצטער סופֿיקס פֿון אַד־יעקטיוון: ־אַל + ־יש. מוזיקאַליש, פֿיזיקאַליש. ס'רובֿ אָן ־יש. ← אַל.

-

אַליש — דער. בּא. ליקער פּרעפּאַרירט אויף קימל.

אַלישוועריש — דער, ־ן. □ali□ve□ri□ :□ □ ־ □ .. רומ. בּעס. לייזעכץ, פֿדיון. ערשטע לייזונג. אַרײַנבּאַקומען אַ'. "אַזוי פֿרי קומט איר מאָנען אַ חובֿ? איך האָבּ דאָך נאָך אַפֿילו קיין אַ, ניש, געהאַט,,.

אַל ישנה אָדם — [... יעשאַנע אָדאָם] אָנהייבּ פֿון אַ צאָל זאַצן, שוו, מיטן בּ: אַ מענטש זאָל ניט בּײַטן...

... מן המנהג — [... מין האַמינהאָג] <בּבֿא מציעא, פֿו/ב. ... פֿון אַן אײַנפֿיר, ד"ה מע זאָל זיך ניט אויפֿפֿירן אַנדערש ווי דער אָנגענומענער שטייגער.

... בּנו בּין הבּנים — [... בּנוי בּיין האַבּאָנים] <שבּת, י/ב; מגילה, טז/ב. '... זאָל ניט מאַכן אַן אונטערשייד צווישן זײַן [= איין] זון און די (איבּעריקע) זין', ד"ה אַ טאַטע זאָל זיך בּאַציִען אויף אַ גלײַכן אופֿן צו אַלע זײַנע קינדער.

... מאַכסניא שלו — [... מייאַכסאַניע שעלוי] <לויט ערכין, טז/ב: לא ישנה... 'זאָל ניט בּײַטן זײַן וואוינאָרט'. "מילא, ווען מע

הייסט 'לך־לך, — מוז מען גיין... אָבער ווען
מע מוז ניט — א, י, אָ, מ, ש'", הלל זײַדמאַן,
טמז, □□21 19 X.

אלישע — [עלישע] <מלכים א, יט, 16 אאַ.

1. נאָמען פֿון נבֿיא, תּלמיד און גײַסטיקער יורש פֿון אליהו הנבֿיא. [סטימולירט דעם אויפֿשטאַנד פֿון יהוא קעגן אַחאָבֿ־דינאַסטיע. באַטייליקט זיך אין דער פּאָליטישער איבערקערעניש, וואָס חזאל האָט דורכגעפֿירט אין אַרם, מלכים בֿ, ח, 7, 13.] „א, הנבֿיא האָט גערופֿן... אליהו הנבֿיא מיטן נאָמן אָבֿי, אָבֿי", הרבֿ י. געלבאַרט, ספֿר מע□)ה אָבֿות ווילנע 1880. אין תּנך ווערט דערציילט, אַז א, איז אויך געווען אַ בעל־מופֿת: האָט געהיילט קראַנקע, געהאָלפֿן עקרות און מחיה־מתים געווען, אָבער שפּילט ניט קיין ראָלע אין שפּעטערדיקן פֿאָלקלאָר.

2. מענער־נאָמען [ניט איבעריק פּאָפּולער בײַ ייִדן.]

3. א, בן אַבֿויה. <חגיגה, טו/ב אא. תּנא וואָס איז אַוועק פֿון דער פּרושים־ייִדישקייט. מהאי טעמא ווערט ער אָנגערופֿן אַחר (← 852). אין אָבֿות, ד, כו איז דאָ פֿון אים בלויז איין זאָג: ווער עס לערנט יונגערהייט איז געגליכן צו טינט געשריבן אויף נײַ פּאַפּיר, און ווער

אַל יתהלל

עס לערנט אַלטערהייט איז געגליכן צו טינט
גענשריבּן אויף אָפּגעמעקט פּאַפּיר. דער גאַנצער
פּרק כ״ד אין אָבֿות דר, נתן איז פֿול מיט זײַנע
מאמרים. (← אַרבּעה שנכנסו לפֿרדס). „אויבֿ
ער קאָן זיך אַזוי אויסגליטשן איז עק וועלט.
נו, יאָ, א, בּן אַ, איז געווען נאָך אַ גרעסערער
תּלמיד־חכם, האָט [ער] זיך געפּרוּווט טרייסטן,„
בּאַש אָר, 22 1968 III. וועגן א, בּן אַ, — יעקבֿ

,

גאָרדינס אַ דראַמע; ל פֿײַנבּערגס גאָט פֿון צאָרן

.

4. א, בּעל־כּנפֿים — [... בּאַאַל קנאָפֿאַיִם]
>שבת, מט/א; קל/א. 'א, מיט די ליגלען'.
נאָמען פֿון אַ תּנא וואָס לויט דער אַגדה איז
געשען מיט אים אַ נס: ווען אַ רוימישער
בּאַאַמטער האָט אים געכאַפּט לייגן תּפֿילין — וואָס
מלכות האָט פֿאַרבּאָטן — זײַנען זיי געוואָרן
פֿליגלען. „דער טעם... וואָס מע וויקלט צו
די תּפֿילין אַזוי ווי פֿליגל... אין זכר וואָס איז
געשען [מיט] א, ב'־כ'“, ספֿר מטעמים, לאָדז,
יאָר?

אַל יתהלל — [... ייִסהאַלעל] אָנהייב פֿון אַ
צאָל זאַצן מיטן בּ: עס (ער) זאָל זיך ניט רימען.

▯

... הגבּור בגבורתו — [... האַגיבּער
בּיגוואוראָסוי] <ירמיה, ט, 22. דער גיבּור
מיט זײַן —
גבֿורה.
... הוגר בּמפּתה — [... כויגער
קימפֿאַט אַך] <מלכים א, כ, 11.... ווער עס גורט
יי.

זיך ערשט אָן ווי דער וואָס בּינדט שוין אָפּ
[זײַן שווערד], ד,,ה מע זאָל זיך ניט רימען מיט
אַן אויפֿטו, אַ דערגרייכונג איידער מע האַט
אויפֿגעטאָן, דערגרייכט.
... הכס בּהכמתו — [... כאָכאָם
בּייכאָכמאָסוי] <ירמיה, ט, 22. ... דער חכם
מיט זײַן חכמה.
... עשיר בּעשרו — [... אָשיר
בּייאָשרוי] <דאָרטן. ... דער עושר מיט זײַן
עשירות.
אַל כליך לא תתן — [על קע'ליעכאָ לוי סיטיין]
זאַץ. תּח. <דבֿרים, כג, 25. ,אין דײַן כּלי

זאָלסטו ניט אַרײַנטאָן'. [רעדט זיך וועגן מעגן
עסן צו זאַט פֿון אַ (ווײַנ)גאָרטן, אָבער....]
ווערטל צווישן פֿרומע גרינס־ און פֿרוכט־
הענדלער, מע זאָל ניט מיטנעמען אַהיים פֿון זייער
קראָם (קלייט, געשטעל). עס האָט זיך געפֿירט
אַז מע פֿלעגט מיטנעמען פֿון אַ סעודה לעקעך
אָדער קיכלעך אַהיים פֿאַר די קינדער. אָבער
ווען מע האָט געזען אַז מע נעמט צו פֿיל, האָט
מען געוואָרנט: אַל כּ, לא ת'. „ר, ייִד, איר זײַט
זיך מרחם אויף די שירייִם — גוט און וואויל,
אָבער אַל כּ, לא ת',„ רייד (סטאַוויסק, לאָמזשער
גובּ.).
אַלכּסנדר — [אַלעקסאַנדער] מענער־נאָמען.
פּאָפּולער בײַ ייִדן זינט אַ, מוקדון האָט
אײַנגענומען ארץ־ישׂראל, און גייט צוזאַמען מיט
זיסקינד, זישע, זוסע, ליפּמאַן. דערפֿון
פֿאַרקירצט: סענדער.
אַ, מוקדון <תּמיד, לא/ב; יומא, סט/א.
מאַקעדאָנישער קיניג 356־323 פֿאָצ. אין 332 איז
ער אָנגעקומען קיין ירושלים. לויט אַ מסורה
האָט ער צוגעטיילט גרויס כּבֿוד דעם כּהן גדול

שמעון הצדיק וואָס איז געקומען — בראָש פֿון
די זקני־העם — אים מקבל פּנים זײַן. אַ, מ,
האָט באַשטעטיקט אַלע רעכט וואָס ייִדן האָבן
געהאַט אונטער דער פּערסישער הערשאַפֿט. ווי
אַ צייכן פֿון דאַנקשאַפֿט האָט מען אַ נאָמען
געגעבן די ייִנגלעך געבוירענע אין דעם יאָר —
אַ,. ,,אים זיבנטן יאָר פֿון זײַן מלכות דז איזט
שנת תמ,,ט האָט דער מלך אַ, דיא שטאָט אמון
נוא איבר נײַאס גיבויאט... אונ, דז אישׂט דיא
גרושׂ שט□ט אַלכּסנדריא...,,, איבז, ר, זלמן
הענא, □צמח דוד □פּדמ, תּנ״ח. ,,אַ, מ, איז ניט
,
ווײַט גקומן פֿון גן־עדן, איז איין בת־קול
גיקומן אונ האָט גשריאן: אַ, פֿאָר ניט ווײַטר,,,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796,
פּרק יז. ״האָט דען אַ, מ,... זיך מייאש געווען
בשעת ער איז געפֿלויגן רײַטנדיק אויף זײַן
אָדלער און ס'איז אויסגעגאַנגען דאָס פֿלייש
פֿונעם שפּיץ שפּיז?״, ממוס, מסעות.
אַלכסון — [אַלאַכסן] דער, ־ס. <בבא בתרא,
קא/ב. 1. דיאַגאָנאַל. אַ, פֿון אַ פּירעק. 2.
יעדע ליניע וואָס שנײַדט איבער אין דער קרים.
,,אויף אַ שטאַרק משופּע פֿעלד זאָל דער שטריך
(אַ קליין שמאָל ראָוול) גיין אין דעם אַ', כּדי

דאָס וואַסער זאָל ניט לויפֿן ראַש און עס זאָל
ניט אָפּשווענקען די זריעה,,, מ. וועבער, דער
אידישער פֿעלדאַרבײַטער, וואַרשע 1891. 3.
יעדע גראָדע וואָס איז קרום לגבי דעם
פּערפּענדיקולאַר. די צוויי גלײַכע אַ'ס פֿון אַ
גראָדווינקלדיקן פֿירעק.
4. (דינאַמיק) ליניע וואָס באַצייכנט אַ קראַפֿט
וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון צוויי קראַפֿטן צו
איין פֿונקט. אויך □יג. ,,... ברענגען אַ
פֿאַרטיקן רעזולטאַט, דעם אַ, פֿון די אידייען־קרעפֿטן
וואָס האָבן זיך געשטעלט איינע דער אַנדערער
אין וועג“, זשיט II□ו, נ,,י 1917.
־דיק — אַדי. וואָס איז אין דער קרים. האַלטן
די פֿיס א,. ,,מײַן שויב איז גרוי אַ, באַרעגנט“,
-

-

מאָל, □רײדקע “אַן אַ'ער רויט־פֿײַערדיקער
שטראַל האָט ווי מיט אַ שווערד...
דורכגעשניטן“, נס איבז, ערשט ניט לאַנג, קיִעוו 1927.
“האָט געשטעלט אירע טריט אַ, אין זײַן

ריכטונג, כּדי זיי זאָלן בּיידע קאָנען גיין אויפֿן שמאָלן טראָטואַרל״, י. בּירשטיין, היימיש, אלול תּשי״ח. ,,יאָ, דאָס איז דניאלס כּתבֿ, זײַן אַ'ע האַנטשריפֿט,,, א. שעכטמאַן ערבֿ.
אָלכ ע
— [ווייכע ל]
לשינע. ha(ol:<.
די, ־ס. אויך: אָ'ליכע.
אויך: אָלשע, אָ
(בּאָטאַניק) בּלעטערדיקער בּוים פֿרן מעסיקן קלימאַט אין אַ צאָל אונטערמינים (פֿון אַ שלאַנקן בּוים בּײַ אַ 25 מעטער הויך בּיז אַ נידעריקן קוסט). וואַקסט ס'רובֿ נאָענט צו אַ וואַסער אויף פֿײַכטן בּאָדן. דאָס אָ,־האָלץ קען זײַן פֿון אַ ווײַסן, שוואַרצן אָדער געלרויטלעכן קאָליר, איז ניט האַרט און ווערט מערסטנס גענוצט אין דער מעבּלאינדוסטריע און טאָקערײַ.

אַללי לי

a1nu. ,,די קלייאיקע אָדער שוואַרצע אָ, וואַקסט
אויף ברעגעס פֿון די טײַכן און בכלל אויף

טײַכטע ערטער,,, ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמײַל,
געוויקסן, מאָסקווע 1920. ,,די הונדערט־יאָריקע
אָליכע", בערג ־אָווע — אַדי. "פֿון די

טאָלן פֿליסט אַ בנעימותדיק טײַכל וואָס
פֿאַרשווינדט אין אָלכאָוון וועלדל", סמב. ־ן —
אַדי. וואָס איז געמאַכט פֿון אָלכאָווע האָלץ.
— דער, ־עס. אויך:

אָלכע ט־ז

.

וק. מין זשוק פֿון דער פֿאַמיליע
אלכ ־זשו

8iali()ae וואָס האָט אַ טונקעלן קאָליר, פֿרעסט
די בלעטער פֿון אָלכעס. זײַנע לאַרוועס לעבן
אין וואַסער.

אַלכעמיע — די. בא. אויך: אַלכימיע.

<אַראַביש געהיימע קונסט אָדער אַ סיסטעם כּישוף־מיטלען ווי צו פֿאַרוואַנדלען אַ וואָלוועלן מעטאַל אין אַ טײַערן. [אַ, איז געווען פֿאַרשפּרייט אין מיטלעלטער און אין רענעסאַנס־צײַט. עקספּערימענטן פֿון אַ, האָבן געהאָלפֿן צוגרייטן די אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער כעמיע.] "... דער דיא קונשט פֿון דיא אלקימ"יאה פֿר שטייט דשׂ איז דער דא

,

ווייש צו פֿר ענדרן דשׂ זילבּר אין גאָלד, אונ, אויש קופּר אונ, צין זילבּר צו מאַכן דורך איין גווישׂי חכמה... דער זיך אויף גאָט פֿר זיכרט דער ווערט אין צעהן זאַכן בעשׂר זײַן אַז דער דיא גימעלדטי קונסט פֿר שטייט", חה, אַמשט

)171, סחא.

—יזירן — טרוו. ־יקער, ־יסט — דער. "דער באַרימטער אַלכימיק... האָט

אויסגערעכנט אַז דער סוף פֿון דער וועלט וועט אײַנ טרעטן אינעם 1335 יאָר", א. י. בּוכבּינדער, שרעקט אײַך ניט פֿאַר'ן סוף פֿון דער וועלט, אַדעס 1895.

־יש — אַדי. [ניט־ייִדן האָבן געהאַלטן אַז

יִדן זײַנען באַקאַנט מיט אַלכעמיע. ייִדן זאָלן

האָבן אויסגענאַרט בײַ די מיצרים די סודות פֿון
דער 'הייליקער קונסט'. ווי דעם ערשטן ייִדישן
אַלכעמיקער האָט מען אָנגערופֿן דעם בויער פֿון
משכּן, בצלאלן. אָנצוהערענישן אויף אַ'ישע
דאָקטרינען און מיטלען געפֿינט מען אין אַ צאָל
קבלה־ספֿרים.]
אַללאַקייאיש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע לאַקייען פֿאַר לאַקייאישקייט.

,

אַ'ע אונטערטעניקייט.
אַלליכטיק — אַדי. אינגאַנצן ליכטיק. וואָס
איז ליכטיק אומעטום (אַלעמאָל). אַן אַ'ער טאָג.
אַן אַ'ע פּערזענלעכקייט ־יקייט — ,,דײַן

.

וועזן מיט זײַן שווערקייט זינקט און די אַ,

אַרשלינגט", האַל, מײַן אוצר.
אַללי לי — [אַלעלײַ,...] פֿראַזע. תּח. <מיכה,
ז, 1; איובֿ, י, 15. ,וויי איז (צו) מיר,. אַן
אויסגעשריי פֿון צער און יאוש אין אָנבליק פֿון

אַן אומגליק, אָדער בײַ דערמאָנען אַ טרויעריקע
געשעעניש ווי: חורבן, געטאָ, אומקום שׂריפֿה

,
וכּדומה. „אַ, ל, וואָס מײַן שטאָט איז שוין
בלויז אַ מחשבֿה, היים, וואָס איך קען בלויז
אין היימישע אויגן געפֿינען“, חג טמז, 1966
.IX 8

אַללעבן
אַללעבן — דאָס. מצ נבֿ. דאָס פֿולע גאַנצע
לעבן. לעכן פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן.
„ער פֿאַרבינדט זיך דורך אים מיטן אַ„ מיט
דער נאַטור“, אַש.
אַלם — [אַלאַם (אַלאָם, אַלים)] דער. מצ נבֿ.
<אונקלוס, דבֿרים, לא, 7, 23; ב▯א בתרא,
קכד/א, קלה/ב. ← אַלים. שטאַרקער, תּקיף,
וואָס הערשט איבער קהל ביד חזקה. „אוב
איינער אַן אַ, ווער דז מן אים ניט קענט אויף
דער צײַט צו שטײַער קומן„, תּקק.
אַלמאַ — [ווייכע ל] די, ־ס. <מאָלדעוואַניש
בעס. רומ. טאָרמאַז אײַנצוהאַלטן אַ וואָגן.
אַלמאַ'ז — דער, ־ן. <רוס <טורקמעניש
<טערקיש. גלאַנציקער איידלשטיין.
בריל אַנט. „זײַנע געדאַנקען זײַנען צעשלאָגן אויף

י

טויזנטער רײנע אַ'ן“, א. ע]־עלשטאַט, שריפֿטן,
לאָנדאָן 1909.

אַלמאָ'זן — די? אַרכ. ina ו1en][: ..
נדבֿה. אין דער רשימה פֿון די “וו ע ל ש ן
ווארטער“ צום סוף פֿון בבֿא־בּוך פֿאַרטײַטשט
אבֿ: “ אַ ל מ ו ז ן — ווש מן ארמן לוייטן
גיבֿט“. „רופֿט מיר הרײַן דען ארמן מן.
אלמוזן וויל איך אים רײַכן“, בבֿא־בּוך, 321. “ער
גאכ זײַני פֿרײַנדן גשענק, אונט דען ארמין גאכ
ער רײַכי אַלמוזין“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק
1718.

אַלמאַי — אדוו. קאָנ. <אַמאַי, על מאַי. פּפֿ
אַלמײַ, הלמאַי [= האַלמאַי], למאַי.
געניצט מיט בבֿ: 1 פֿ אַ ר וו אָ ס (מיט אַ טענה,

.

מיט אַ מאָנונג). — “אַ, האָסטו געגנבֿעט ײַן
גאָט?“, תּי, בראשית, לא, 30. „ווײַבער האָבן
געמאַכט סצענעס זייערע מאַנען, אַ, זיי טשעפֿען
זיך צו שכנטעס“, ייִז, חבֿר נחמן. 2.
עמפֿאַטיש. וו אָ ס , צו וו אָ ס. „אַ, זאָל איך דאָ
נאָך ריידן? ער איז גערעכט„; „אַ, זאָל איך
זאָגן? ס'טויג אויף כּפּרות“.
3. ה י ת כ ן? — ווי אַ פֿראַגע וואָס דריקט

אויס חידוש, דערשטוינונג, אומגלויבן. „אַ'? —
האָט ער געפֿרעגט כּלומרשט קאַלטבלוטיק„, „אַר,
'זאָל שטיין ווי געשטאַנען'. 4. בײַם
פֿאַרבינדן זאַצן מיטן בּ: למשל, אַ דוגמא, אַ ראַיה
(אָפּט איר). „ווערן אַלע טאָג מער קאַליקעס. זיי
קאָנען ניט לערנען קיין ייִדיש... אַ, דער
רבי... איין אייניקל קאָן זיך אַפֿילו ניט
חתמענען“, יאַ, שטערנטיכל. 5. ה ײ ס ט ע ס ,
אויב זשע. „אַ, בין איך דײַן ערשטער שאַף, וואו
איז מײַן אָנהייב־איידער?“, סוץ, פּאָעטישע
ווערק. 6. פּונקט ווי. „.... קאָן מען ניט
רעכענען, אַ, זיי זענען אין שטיין געלעגן“, יפּ
אַלמאַכט — די. מצ נבּ פֿולע,

אומבאַגרע

□ □

.

נעצטע מאַכט. די אַ, פֿון טויט. די אַ, פֿון גאָט.
פֿון דען אַ, איזט ביוועהרט„, מאָרשן, לשון

□ □

„...
זהב, אמשט תצ„ד. “אומזיסט דען האָט איובֿ
פֿאָרכט פֿאַר דער אַ'?“, פּרץ, לידער און

פּאָעמען „די אַ, און די קראַפֿט פֿון דער נאַטור“, מר I. „ניט דער טרוים פֿון שטאָלצע טרוימער וועט פֿאַרניבטן אונדזער אַ'“, י. ש. פּרענאָוויץ [מינפּי II].

1381

אַלמאַכטיק — אַדי. פּפֿ. אַלמעכטיק (←).
וואָס האָט די פֿולע מאַכט, ד אַלמאַכט. עפּיטעט
י
צו גאָט. אָפֿט אין תּחינות: אַ'ער גאָט, גאָט אַ'ער, גאָט דער אַ'ער. אויך סובֿ: דער אַ'ער. „ער האָט גילײַטרט דער אַלמכטיג [דאָרטן: אלמכטונג] גוט זײַן תּורה“, סהמ, תּהלים, סח, 15. „אַלמכטיג בּישׂטו, גוט, אַלי צײַט“, אַהרן בּר, יוסף, 'איין שין נײַא ליד פֿון אובן', פּראָג תּמ״ח [2, 1937, □ [□)M]. „גאָט דוא בּישׂט גאָט דער אַ'ער, זײַא דיך דער בּאַרמן איבּר מיר“, תּחנות ובקשות, דיהרנפֿורט 1798, ב/ב. “מיר זײַנען איצונד מתוודה פֿאַר דעם אַ'ן גאָט, וואָס ער ווערט אָנגערופֿן אַל שדי“, מע□)ה אומן. ־יקייט — “... צו ווײַזן זײַן אַ, און זײַן חסד“, היסטאָריע איינע שיף בּראָך, וואַרשע, יאָר?

אַלמאָל — אדוו אַרכ. פּפּ: אַלמאָלט. דזוו אַלעמאָל. תּמיד, שטענדיק. „איינר זאָל אַל מאָל בּידענקן ווער ער זײַא“, ספֿר משליט פֿפֿדמ

,

1686, ו/א. „איך בּין אויך אַל מולט בּירייט...“, דאָרטן, כא/א. ־הייט — בּראנט פּרק כב.

אַלמאָליק — אדי. דזוו אַלעמאָליק ←.

„אַרויסגיין פֿון זײַן אַ'ן אײַנגעשטעלטן גדר“, נס, קאָרבּאָנעס, מאָסקווע 1943.

אַלמאַ־מאַטער — די, ־ס (זן). ל. 'נערנדיקע מוטער'. צונאָמען (מיט דרך־ארץ, ליבּשאַפֿט) פֿאַר דער היכשול וואו מע האָט געלערנט און גראַדואירט. ״יעדער ערבֿ־דאָקטער מוז קומען ... מיט דעם דאָקטער־הוט... און טראָגן אים אַ וואָך צײַט... געזעגענען זיך מיט זײַן אַ'־מ'“, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן.

אַלמאַנאַ'ך — דער, ־ן. <איי <אראבּיש.

1. יאָר־קאַלענדאַר מיט פֿאַרשיידענע אינפֿאָרמאַציעס וואָס האָבּן אַ שײַכות צום געהעריקן יאָר. 2. יאָרבּוך אָדער איינמאָליקער ליטעראַרישער זבּ (פֿון אַ גרופּע שרײַבּערס פֿון אַ

־

,

בּאַשטימטער ריכטונג אין ליטעראַטור אע). אַן

אַ, פֿון אַ קהילה. אַ, מיט ווערק פֿון
אומגעקומענע שרײַבערס.
אַלמאַנדי'ן — דער, ־ען. מינעראַל מיט אַ
רויטן קאָליר. האָט אין זיך אײַזן און אַלומיניום.
אַלמאַניע — גנ. ארכ. לאַטײַנישע
באַצייכענונג פֿאַר דײַטשלאַנד. „אים יאַר דרײַא הונדרט
און, נײַנציג איזט איין מלך אין אַשכּנז גיוועזין,
דער מלך אַלימאַן, אַז נאָך זײַנם נאמין נאָך
אַשכּנז גינענט ווערט אים לשון פֿון דעם רומיא
אַלמאַניאַ ביז דען הייטיגן טאגין“, ר, זלמן הענא
איבּז, צמח דוד פֿפּדמ תּנ"ח. .. אלעמאַניע.

אַלמאַסע'ן — דער, ־ען, ־עס. שפּא פּקפֿ. ־דל.

מאַגאַזין, קראָם, ספּעצ שפּײַזקראָם. „איך האָב
אים געשיקט אין אַ"", לעאָן האַלפּערן. "מ'האָט
אינגיכן אויפֿגעשטעלט אַ גרויסע געבײַדע אַלס
אַ,“, מרדכי אלפּערסאָן. „אינעם הינטערגרונט
פֿון טיפֿע אַ'ען“, משה דוד גיסער ־עראָ —

דער. אייגנטימער פֿון אַ'.
אַלמוני — [אַלמו'יני] דער, ־ס. <רות, ד, 1.
באַשטאַנדטייל פֿון פלוני אַלמוני. זן

זעלבּשטענאלמלא, אלמלי

דיק. א) אומבּאַקאַנטער, ווער עס איז אינקאָגניטאָ.
,,וװידער האָט זיך בּאַוויזן דער אַ, אין שטאָט
און געטיילט די קינדערלעך מתּנות,,; בּ) יענער.
דער און דער ,,אַ, און מיט אים אַזוי פֿיל אַ'ס
פֿאַרשטייען ניט קיין יִדיש'', ש. בּיקל
אַלמיל אָנע'ר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. גאָר
י
אַ גרויסער מיליאָנער. ''מיר האָבּן דאָ אין
אַמעריקע יִדישע מיליאָנערן, אָכער די אַ'ן זײַנען
גויִים''.
אַלמימר — ← אַלמעמער. בּאַלעמער. ,,אנ
דען מן אויף רופֿט זאַל אויף דען (אלמימר) גין
דורך די נעהנשׂטי טיר די בּײַא זײַנם אורט איז,,,
ם ר המנהגים, אַמשט 1723, ח/ב. ,,... אונ מן
האָט שון פֿר (שבּת) פֿר אים [לכּבֿוד דעם
רישגלותא] געמאַכט איין אלמימר'', שאַר.
אָלמיץ — גנ. שטאָט אין מערן. האַט געשמט
מיט אירע גרויסע ירידים אויף אָקסן. ,,איז ער
אַן אָקס און גייט נאָך אָ, — בּרעכט ער די
פֿיס אויפֿן וועג'' [וועגן אַ ענטשן וואָס מע קען

אים ניט אָנגעטרויען קיין שליחו□]. „איך בּין
אויך אַן אָקס, איך פֿאָר אויך קיין אָ'“ [= איך
בּין אויך ניט אַבּי ווער], שפּאַסיק פֿוול „אַן
אָקס גייט קיין אָ, און קומט (פֿאָרט) צוריק אַן
אָקס“ [= אַ נאַר בּלײַבּט אַ נאַר], שוו
אלמלא, אלמלי — [אילמאָליי] קאָנ. אויבּ
(ווען) ניט, אויבּ נאָר, בּלויז.

... בּאתי אלא לשמוע ד□ר זה —
דיי — [... בּאָסי עלאָ לישמויאַ דאָוואָר זע —
דאַ□יִ] זאַץ תּח <שבּת, מא/א. 'אויבּ (ווען)
איך וואָלט (ניט) געקומען צו הערן נאָר די
דאָזיקע זאַך (אַ דין, מנהג, גלײַכווערטל וכּדומה)
וואָלט פֿאַר מיר געווען גענוג', ד"ה עס האָט
זיך געלוינט, ס'איז געווען כּדאַי, כ'האָבּ עפּעס
געלערנט.
... מוראה [של מלכות] איש את
רעהו חיים בּלעו — [... מויראָאָ (שעל
מאַלכוס)... עס רייאייהו באַיִים בּלאָאוי] זאַץ.
תּח. <אָבֿות, ג, ב. 'ווען ניט די מורא פֿאַר
מלכות וואָלט איין מענט□ □ דעם צווייטן אַ
לעבּעדיקן אײַנגעשלונגען'. אויך געקירצט: „א, מ'...
הפֿקר אַ וועלט„, פּרץ, לידער און פּאָעמען.
... מוראו של הקבּ"ה היאך אומה

אַהת יכולה להתקיים בין העבום ▯. —
[... מויראָאוי שעל האַקאָדויש באָרוך הו, הייאַך
אומע אַכאַס יעכוילאָ לעהיסקאַיעם ביין
האָאַקום] זאַץ. תּח <יומא סט/ב. 'ווען ניט די
מורא פֿאַר גאָט, ווי וואָלט איין [אונדזער] אומה
געקאָנט בלייַבן לעבן צ▯וישן די געצנדינער?'.
... משמרין ישׂראל שתי שבתות
בהלכתן — [... מיישאַמרין ייִסראָעל שטיי
שאַבאָסוים קייהילכאָסן] זאַץ. תּח. <שבת,
קיח/ב. 'אויב ייִדן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי
שבתים ווי זייער דין, [= ווי געהעריק, ווי עס
באַדאַרף צו זײַן]. צווייטע העלפֿט: מיד
נגאלין [מי־יאַד ניגאָלין] — 'וואָלטן זיי גלײַך
אויסגעלייזט געוואָרן, (וואָלט די גאולה
געקומען). דריקט אויס דעם געדאַנק אַז שבת איז
שווער אָפּצוהיטן מחמת די פֿיל חומרות [מע
טײַטשט אויס אַז די צוויי שבתים זײַנען: שבת

אַל—מלא־רהמים

,חזון, און שבת 'נחמו, — דאָס געדענקען דעם
חורבן און דאָס שטרעבן צו גאולה].
... נתנה רשות לעין לראות —

[... ניטנאָ ריישוס לאָאַיִן לירויס] זאַץ. תח
<ברכות, ו/א. 'אויבֿ עס וואָלט געגעבֿן
געוואָרן דערלויבעניש דעם אויג צו (אויבֿ דאָס
אויג וואָלט געקאָנט) זען,. מיט אַ האַלבֿ־
שפּאַסיקער צווייטער העלפֿט: ״וואָלט יעדער איינער
געוואוסט וואָס עס טוט זיך בײַם שכן אין
טעפּל״.

אַל(▯)מלא(▯)רהמים — [אייל מאָליי ראַכ(אַ)־
מים] פֿאַרקירצט: מלא, ־ס. דער & פֿראַזע 'גאָט
וואָס איז פֿול מיט באַרעמהאַרציקייט'. די
ערשטע ווערטער און נאָמען פֿון דער תּפֿילה אין
אָנדענק פֿון אַ נ▯טר [דער בעל־הרחמים זאָל אים
באַהאַלטן אונטער זײַנע פֿליגלען און אײַנבינדן
זײַן נשמה אין בינטל ▯ון לעבן און ער זאָל
רוען זײַן אייביקע רו אין פֿרידן]. מע מאַכט
א'־מ'־ר': א) בײַ דער לוויה, צו שלושים, בײַם
שטעלן אַ מצבֿה, אין יאָרצײַט, בײַ אַ חתונה
פֿון אַ יתום אָדער אַ יתומה. [שוין דערמאָנט
אין חשמונאָים בֿ, יב, נח; פֿריִער פֿלעגט מען
זיך נוהג זײַן צו זאָגן די תּ▯ילה נאָר בעת
דער אַשכּבֿה (←). נאָכדעם האָט מען עס
איבערגעטראָגן אין די בתּי־מדרשים און שולן.
מע מאַכט א, מ, ר', אין די שבתים ווען מע

זאָגט אַב⸮הרחמים (⸮. 18), נאָך
קריאתהתורה און 'יזכּור, און מען איז מנדר פֿאַר
צדקה.] ,,א, מ, ר, האָט מען איר געמאַכט, דאָס
איז שוין איר לעצטער אַדיע", פֿל. ,,דער חזן
האָט געמאַכט אַ שיינעם א, מ, ר', אַז גיטעלע
וואָלט געלעבט הונדערט מיט צוואַנציק יאָר,
וואָלט זי אַזאַ לוויה ניט געהאַט, אַן א, מ, ר,
געוויס ניט", א. אַלטמאַן דער ⸮אַבּרוקאַנט,
ווילנע 1893. ,,חזן, מאַכט אַן א, מ, ר, דעם
חתנס פֿאָטער זכרונו לבֿרכה,,, יעקבֿ גאָרדין
מירעלע אפֿרת. ,,ערשט צום חופּה־טאָג בײַ א,
מ, ר, האָט זי זיך נעבּעך צעוויינט", פּרץ, 'אָן
מזל'⸮ פּפֿ: העלפֿן ווי אַ טויטן אַן א, מ, ר'.
(⸮. אַזכּרת־נשמות, 843);
בֿ) נאָך פֿאַרשניטענע קהילות, נאָך אַ
פֿאָגראָם, בּ— אַזכּרה־פֿאַרזאַמלונגען. [דער איצטיקער
יי

נוסח שטאַמט, משמעות, נאָך די גזירות ת"ח —
ת"ט; אָנגענומען אין די קהילות פֿון פּוילן,
ליטע, אויך אין טייל מקומות בײַ די
מערבֿדיקע אַשכּנזישע ייִדן; ניט בײַ די ספֿרדים, אויך
ניט בײַ חסידים.] ,,אין שול האָט מען געמאַכט

אַן א'־מ,־ר, אויף די הרוגי־קעשענעוו, אַלטע ייִדן
האָבן געוויינט, ווײַבער זײַנען געפֿאַלן אין
חלשות", שע;
ג) נאָך די 6 מיליאָן קדושים פֿון די יאָרן
הת"ש — התש"ה (1940 — 1945). [נוסח: "א,
מ, ר'... את נשמות כל קדושי עמנו שהומתו,
שנהרגו, שנשחטו, שנשׂרפֿו, ש(נ)טבעו, שנחנקו
ע,,י הנאַצים ימ"ש, בגיטאות ובמחנות־ההשמדה
(ובפֿרט את נשמת)...".] "איז אַלץ דאָרט
צעשטערט, וויסט אדן חרובֿ, ניטאָ מער טאַטע
און מאַמע, ברודער און קרובֿ, א, מ, ר'!",
ש ושנה סטושינסקי־כּהן, ,געווען אַזאַ שטעטל'.

1332

א'־מ'—ר'־מאַכער, ־ס. וונ ־ין. אַ
הדרתפֿנימדיקער ייִד, אַ בעל־מנגן אָדער סתּם
כּליקודש וואָס פֿאַרדינט צו בײַם מאַכן א, מ, ר'ס.
אויך ייִדענעס פֿלעגן זיך אָפּגעבן מיט דער
"פּרנסה". דער 'סעזאָן, האָט זיך געווײנטלעך
געשטעלט אין חודש אלול ביז נאָך יום־כּיפּור.
זיי פֿלעגן שטיין אויפֿן בית־החיים און זיך
אָנבאָטן. ,,ניין, דער גבאי גייט ניט אויף
קבֿראָבֿות... הכּלל, ווער דען. אַזוי פֿרומע

נעס, גבאיטעס... א'־מ'־ר'־מאַכערינס,,, פּרץ,
'שטעט און שטעטלעך,.
אַלמלוכהש — [... מעלוכיש] אַדי פּפּ. אַל—
מלוכיש. וואָס נעמט אַרום, איז שייך צו
דער גאַנצער מלוכה. אַ'ע פּראָבלעמען. "
פּראָפֿעסיאָנעלע פֿראַגן האָבן אָפּגעטראָטן זייער
אָרט אַ'ע פֿראַגן,,, די גאַרבער שטימע, מאָסקווע
4 1924, No־5. ־קייט.
אַל מלך — [אייל מעלעך] דער. אריך פֿראַזע
<לויט תּהלים, סח, 25: אלי מלכּי. ,גאָט קעניג'.
אָנהייב פֿון אַ צאָל חדר־לידלעך. א, מ'... —
קאַטשקע דריילעך, מיר אַן עפּל, דיר אַ לאָך
אין קעפּל... אאַ.
א, מ, נאמן — [... נע'עמאָן] דער. 'גאָט
איז אַ וואָרהאַפֿטיקער (געטרײַער) קיניג'. די
דרײַ ווערטער זאָגט מען פֿאַר קריאת־שמע, ווען
מע דאַוונט ביחידות. [טעם: ר,,ת פֿון א, מ, נ, —
אָמן; אַז מע דאַוונט בציבור ענטפֿערט מען דאָך
סײַוויסײַ אָמן.]
אַלמן — [אַלמען] דער, ־ס. > [דערמאָנט איין
מאָל אין תּנך] ירמיה, נא, 5: לא אַלמן ישׂראל.
מאַן וואָס זײַן פֿרוי איז אים געשטאָרבן.

עלנטער פֿאַרחושכטער, אָרעמער, איינזאַמער,
צע,
בּראָכענער אַ'. בּעל־בּתישער אַ'. בּלײַבּן (זיצן)
אַן אַ'. „וואַסער ווערט קיינמאָל ניט זויער און
אַן אַ, ווערט קיינמאָל ניט אַלט“, שוו. „אַזוי ווי
רפֿאל איז געווען אַן אַ', האָבּן זייער פֿיל...
געשאַרפֿט אויף אים די ציין צו דערטאַפּן אים
פֿאַר אַן איידעם“, ממוס, ווינטשפֿ. “בּיסטו אַ
בּחור, אָדער אַן אַ, לאַ־עלינו, אַ גרוש אָדער
אפֿשר האָסטו ערגעץ אַ ווײַבּ?„, ייִז, יאָשע
קאַלבּ□ *אויסזען ווי אַן אַ, נאָך שלושים = זײַן
אויסגעפּוצט. ש ט ר ו י ע נ ע ר אַ, = מאַן וואָס
זײַן ווײַבּ איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ לענגערער
צײַט פֿק□: אַ'דל, ־עך.

.

אַ'שאַפֿט — די. מצבֿ פֿון זײַן אַן
אַלמן. „ער האָט חתונה געהאַט מיט זײַן
סעקרעטאַרין, נאָר געלעכט איינזאַם אין זײַן אַ',„ אַש,
גראָטמאַן און זון. “זײַן אַ, האָט ער ווי זויבּערע
קליידער געטראָגן“, אפֿא, □ סטעפּ
אַלמנה — [אַלמאָנע] די, ־נות [אַלמאָנעס].
<שמות, כב, 21 אאַ פֿרוי וואָס איר מאַן איז
געשטאָרבּן. אָרעמע אַ'. בּיטערע, וויסטע, עלנטע,

מארוויינטע פֿאַרחושכטע פֿאַרצאָגטע ‎.
נצטע־
, , ,
רע, צעבּראַכענע אַ'. „אַן אָ, און יתום זאָלט
איר ניט פּײַניקן“, תּי, שמות, כב, 21. „ער
[גאַט] טוט גערעכטיקייט דעם יתום און דער
אַ'“, תּי, דבֿרים, י, 18. “זאָלסט ניט נעמען אין
משכּון דעם בּגד פֿון אַן אַ,“, תּי, דאָרטן, כד, 17
[אַפֿילו פֿון דער רײַכער אַ, — בּבֿא מציעא, ט,

אַלמנה היה

יג]. „פֿאַרשאָלטן דער וואָס פֿאַרדרייט דעם
משפּט פֿון אַ פֿרעמדן, אַ יתום און אַן אַ',„ תּי,
דבֿרים, כז, l9. „טוט רעבט דעם יתום, נעמט
זיך אָן פֿאַר דער אַ'“, תּי, ישעיה, א, 17.
גאָט ווערט אָנגערופֿן „אַבֿי־יתומים ודיין־אַ, —
דער פֿאָטער פֿון יתומים און דער ריכטער ‎ון
אַ'“, תּהלים, סח, 6; די האַרבּסטע קללה פֿאַרן
רשע איז — “זײַנע קינדער זאָלן ווערן יתומים
און זײַן ווײַבּ אַן אַ',„ דאָרטן, קט, 9.
ד אַ, פֿלעגט זײַן אײַנגעהילט אין שוואַרצן,
י
בּראשית, יח, 14. אין דער משנה־צײַט פֿלעגט
אַן אַ, חתונה האָבּן דאָנערשטיק, כּתובות, א, א.

‟אַז אַ בּחור נעמט אַן אַ, פֿאַר איר בּרויט, האָט ער פֿון איר דעם טויט‟; „אַז אַ מיידל נעמט אַן אַלטן מאַן, בּלײַבּט זי אַ יונגע אַ',,; „אַז מע קומט טרייסטן אַ יונגע אַ,, קוואַפּעט מען זיך ניט צו פֿאַרדינען אַ מצווה‟; „אַן אַ, איז אַ סכּנה, אַ גרושה — אַ בּושה, אַ בּתולה איז אַ גדולה‟; „בּעסער אַ יונגע אַ, איידער אַן אַלטע מויד,,; „בּעסער זאָל איך בּלײַבּן נאָך אים אַן אַ', איידער ער זאָל מאַכן מײַנע קינדער פֿאַר יתומים,,; „ווי אַן אַ, גענומען — ווי אַן אַ, פֿון אים גיין‟; „אַן אַ, און אַ גרושה טויגן אין דער ערד חבֿרותא‟ [מע דאַרף חתונה האָבּן מיט אַ מיידל]; „ווען אַן אַ, האָט שוין אַ גאָלדענעם דאַך, איז זי פֿאָרט אַן אַ'‟; „אַן אַ אַפֿילו

,

אַז זי האָט אַ גאָלדענעם בּעכער, איז ער פֿול מיט טרערן‟, שוו. „איין בּתולה ווי דוא ווילשׂט, איין אַ, וויא זיא וויל‟, ס""ר המנהגים, אַמשט 1723, נח/ב. „די פֿרוי אין שוואַרץ וואָס שפּרייט איר געוויין איבּערן קבֿר, בּײַם ראַנד פֿון וועג, איז ד אַ, פֿון די נעכטיקע טעג‟, מאַנ, ,די גאָלי

דענע פּאַווע'. ל ע ב ע ד י ק ע אַ, (← אַלמנה חיה) פֿ ר ײַ ל ע כ ע אַ, — וואָס זוכט אַ מאַן;

·

וואָס מענער יאָגן זיך נאָך איר. ש ט ר ו י ע נ ע
אַ, — דער מאַן איז ניטאָ אין דער היים.

אַלמנהדיק — אַדי. וואָס איז אַזוי ווי בײַ אַן
אַלמנה. נעבעכדיק. אויסזען אַ'. "אין אָט דער
גאַנצער פּראַכט איז דאָ עפּעס אַ'ס,,, ש. גאָדינער
איבּז, מ. גאָרקי, קלים סאַמגינס לעבּן, מאָסקווע
1937. אויך: אַלמנותדיק — ,,... אַ סך אַ'ע
יתומישע, אָרעמע בּלוטיקע געלטער", ג. ח
לעוונער, דיא פּאַלשע חתן כלה, ווילנע 1897.

אַלמנהווייז — אַדוו. אין מצבֿ פֿון אַן
אַלמנה, זײַענדיק אַן אַלמנה. ,,דוא זאלשט דײַן
טעכטר ניט אַ, דאַרפֿן אין דײַן הויז אַרײַן
בּרענגען", עיון.

אַלמנהוועט — אוטוו. אַלמנהווע, געאַלמנהוועט.
בּלײַבּן אין אַ מצבֿ פֿון אַן אַלמנה. ניט האָבּן
חתונה. אָפּפּינצטערן די יאָרן ווי אַן אַלמנה,
אָפּלעבּן אין עלנט, איינזאַמקייט. ,,פֿופֿצן יאָר
האָט מײַן מאַמע שוואר געאַלמנהוועט בּיז זי
האָט אויסגעהאָדעוועט אירע זעקס יתומים",
דטש, טמז, 1959 ו25 I.

אַלמנה היה — [... כאַיע] די, ־נות חיות.
<שמואל בּ, כ, 3: אַלמנות חיות; רשי שמות, כב, 23: 'לעבּעדיקע אַלמנה'. א) אַ פֿרוי וואָס איר מאַן געפֿינט זיך מעבֿר לים, זיצט אין תּפֿיסה, איז נעלם געוואָרן; בּ) אַן עגונה, איר

אַלמנהרע

מאַן איז פֿאַרשוואונדן אין דער מלחמה, און ניטאָ קיין עדות אַז ער איז געפֿאַלן אין שלאַכט. „און, האָבּן די ישׂראלית לאָזן פֿר זיצן אַז איין אַ, ח'“, סהמ, מלאכי, ב, 13. „זי האָט ניט אַנדרש גידאַכט זיא מוז צײַט איר לעבּן איין אַ, ח, בּלײַבּן“, מע▯tה של ירושלמי, הומבּורג 1711. „זי זײַני אַן גיבּונדן אַ'נות חיות... בּיז זי ווערן ווידר גוטי צײַטונג קריגן„, קינות לתּשעה בּאָ▯ פֿיורדא 1767.

,

„ירושלים איז גלײַך געוועזן אַז איין אַ, ח'“, צור. [דער אייבּערשטער האָט זי פֿאַרלאָזן.] „אַז דו בּיזט אַוועק קיין אַמעריקע און מיך האָסטו... אַוועקגעוואָרפֿן אַן אַ, ח',„ שע, מנחם—מענדל.
אַ'—קלייד — דאָס, ־ער. <לויט בּראשית,

לח, 14, 19; שמואל בּ, יד, 2. טרויער־מלבּוש, שלייער, שוואַרצער בּגד; [רמבּ,,ן, בּראשית, לח, יא: די אַ, פֿלעגט זיך אָנטאָן אין טרויער־בּגד לויטן מנהג]. ,,ווען די תּורה האָט געזען [דעם גזר־דין אויף ייִדן] האָט זי זיך אָנגעטאָן אין אירע אַ'־ק'ער", אַבּא י. קרים, אַמעריקאַנער, 20 III 1959. [אויפֿן סמך פֿון אסתּר רבּה, ז: "יצאה התּורה בּבגדי אַלמנות".] ,,און זי איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעשלײַכט זיך שטילערהייט, דעם שלייער אויסגעטאָן און אָנגעטאָן צוריק זיך איר אַ'־ק'", הר, 'יהודה און תּמר,.

אַלמנהרע — [אַלמאָ'נערע] די, ־ס. דזוו אַלמנה, פּעיאָ. אַן ערלית, אַן אַ'. ,,האָט דער אַרענדאַר אָן די סימנים די גויה דערקענט, און האָט געזאָגט אַז זי איז אַ יונגע אַ',,, יפּ.

אַלמנהש — אַדי. וואָס איז פֿון אַן אַלמנה.

אַלמנה־שאַפֿט — די. מצבֿ, צושטאַנד פֿון אַן אַלמנה. אַלמנה־שטאַנד. ,,איר אַ, האָט די באָבע געטראָגן מיט שטאָלץ", אפֿא., . סטעפּ. ,,די רבּיצין האָט איידל... געלויכטן מיט איר יחוס און אַ',,, חג, ,זין און טעכטער,, טמז, 13 8 19 IX.

אַ'קייט — אַרכ. אין מענה לשון אויף
ט □ .טש פֿיורדא תקכ,,ו.

אַ'־שטאַנד — ,,אין מײַן ביטריפֿטין
אַלמנה שטאַנט,,, גה, 300.

אַלמנות־געלט — ספּעצ געלט וואָס אָן
אַלמנה דעפּאָנירט בײַם גבֿיר, אָדער כלי־קודש
ווי אַ פֿקדון. ,,אַ גרויס פֿאַרמעגן האָסטו
געמאַכט פֿון יתומים־ מיט אַ'־ג,“, ייִפֿאָל 1887,
No 15. ,,מ'האָט אָנגעהויבּן אָרעמע יתומימס
און אַ'־ג'ן אויך צו אים אַפּטראָגן און בײַ אים
אײַנלייגן,,, 'גדולת ר, וואָלף מטשאַרני אָסטרה,
[יפּ].

אַל מסתתר — [אייל מיסטאַטייר] דער.
<ישעיה, מה, 15. גאָט וואָס פֿאַרבאָרגט זיך.
די ערשטע ווערטער פֿון אַ דרײַפֿאַך־געגראַמטן
זמר וואָס מע זינגט שבּת צו שלוש־סעודות
(ווענן די עשׂר ספֿירות). “די אַסיפֿה הייבּט זיך
אָן. די פֿירונג נעמט איבּער ס'קול פֿון א, מ'“,
צײַט, איק, פּסח תּשט“ז. ,,ער [גאָט] איז דער
פֿאַרבאָרגנסטער פֿון אַלע פֿאַרבאָרגענע און
ווערט אָנגערופֿן א, מ',,, תּניא, רטז.

אַלמעגלעך — אַדי. סאָוו. מעגלעך אינגאַנצן (אומעטום, שטענדיק). וואָס איז אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך (לויט Mo O e] (B). די אַ'ע הילף דעם פֿויערטום. „אַ, אַנטוויקלען די דאָזיקע באַזע...„, א. איזראָילאָוויטש, קוזבאַס, מאָסקווע 1932. ־קייט — „גלייבן אין די אַ'ן וואָס געפֿינען זיך אין צוקונפֿט“, אַבאָ גאָרדין, ליטעראַרישע העפֿטן, 1960, No 71־72.

אַלמעכטיק — אַדי. דזוו אַלמאַכטיק (←). אַ'ער גאָט. אַן אַ'ער הערשער, דיקטאַטאָר. דער

אַ'ער סעקרעטאַר פֿון פֿאַראיין. „מיט דער
הילף גוטש יתברך, דעש אַלמעכטיגן„, ספֿר
מידות, איזנע 1542. "לובן גאָט דען אַלמעכטיגן
פֿריא אונ, שפּאָט„, יוסיפֿון, אַמשט 1661, ג,.
"דער אַלמעכטיג גאָט אימש זיכר ניט רעכט
האָט [= האַלט] פֿאַר גוט„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ
1686, נב/ב. „אין שאַטן דאש אַלמעכטיגן טוט
ער איבר נעכטיגן„ [,בצל שדי יתלונן'], ברכת
המזון, אַמשט 1723, מד/א. „גאָט דער אַ'ער
רעכנט זיך אַן דיר", יענטע בת יצחק, ע)רת
הדברות ביכל, אָנהייב 19. י„ה, אָרט? "דער
גוטער אַ'ער גאָט וואָס דערנערט אַלע זײַנע
באַשעפֿענישן", ממוס, ווינטשפֿ [בײַ ממוס תּמיד
— אַ', ניט אַלמאַכטיק] פֿאַרשפּרייט זײַנע
ריי. „
נע, אַ'ע פֿליגל„ פֿרוג III. סוב — בײַם
פֿאַר,
טײַטשן שדי, (אויך ווי אַן עפּיטעט צו שדי).
פֿאַרבײַט פֿון וואָרט גאָט. "עפֿן אויף דײַן
שטענדיקן שער־בלאַט, אַ'ער פֿון וועלטן", פּמ,
די קופּע. ־יקייט — „דעם באַשאַפֿער זינג
איך אין זײַן אַ'„ פּרק, אַקדמות'. "די אַ, פֿון
,
געלט", מ. לעוויטאַן און ה. קאָזאַקעוויטש, איבז,

פּאָליטישע עקאָנאָמיע, כאַרקאָוו 1930.
אַלמעמער — דער, ־ס. פפֿ: אַלמימר.
>לקט יושר, לר, יוסף בר, משה [תּלמיד פֿון ר, ישׂראל איסרלין], חלק אורח חיים. <
אַראַביש: „אַלמינכּאַר„ [= בּימה פֿון בעל־דרשן אין מוסולמענישן מעטשעט]. באַלעמער. בּימה אין שול. „ער עסט די שול מיט זאַמט דעם אַ, אוף„, טענדלאַו, 528. “הנ“ל תּחת חאלמעמיר אַשר פֿניהם מול פּני אָרון הקדש“, 'תּקנה פֿון קהלשן פּנקס אין קראָקע', 1644. „דיא מצוה פֿון לולבֿ אונ, אתרוג, דאשׂ זיא מיט אום רינגלן אום דען אַלמעמר זאָל בּווילגט זײַן צו גאָט„, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, לט/א. „אונ, דער מלך וואַר שטין אויף דען אַלמעמיר אונ, מאַכט איין בּרית אונ, שבֿועה מיט ישׂראל“, צאינה. „דער זעלביג זאָל בּלײַבּן אויף דעם אַלמעמער די מן דיא תּורה אײַן היבּט“, לט1, כה/ב. „צו דער מגילה איז... מ. אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם אַ'„, קמ, 1865, No 17. „אַלע האָבּן זיך געווענדט צום אַ, צו הערן זײַן שײנע שטימע“, אלצ,... גליקליכער מפֿטיר, וואַרשע 1886, ז, 39. „איר אַנטקעגן פֿון אַ, הערט זיך נאָך אַ קול„, ילג, ▯ יחת חולין, וואַרשע 1889.

אַלמענטש — דער, ־ן. סתּם־מענטש. מענטש מיט גלײַכער צוגעהעריקייט צו אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס אָדער מענטש וואָס געהערט ניט צו קיין נאַציאָנאַליטעט. „די אָפּגעפּרישטע

אַסימיאַלנאַ'כט

לאַציע [וואָס זאָגט אַז] אַ ייִד... דאַרף זײַן אַן אַ', און אַלס אַן אַ, מוז ער זײַן אומעטום, נאָר נישט צווישן דער ייִדישער אַרבעטערמאַסע“, [בונד], אַווטאָנאָמיע אָדער פֿעדעראַציע , לאָנדאָן 1903.

אַלמענטשלעך — אַדי וואָס איז שייך צו אַלע מענטשן (פֿון אַלע ראַסעס, נאַציאָנאַליטעטן, רעליגיעס אאַזוו). אַ'ע רעכט. אַן אַ'ע מאָראַל. אַ'ע קולטור. „אין דער ייִדישער שול איז אַלץ אַ, און ייִדישלעך אינאײנעם“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922 ־קייט.

.

אַלמער — דער, ־ס.:Mhd , naireד][a:

alme. שאַפֿע, שאַף. ש(ר)אַנק. אַן אַ, מיט (אָן) פּאָליצעס. ביכער־אַ'. ספֿרים־אַ..

קליידעראַ'. אַרויסנעמען (אַרײַנשטעלן) אַ ספֿר פֿון (אין) אַ,. די גלעזערנע טיר פֿון אַ'. פֿ[אַרשלאָסן ווי
-

אין אַ, פֿון קמצן. ,,הונגרט זיא — זא זול זיך זעצן אַן טיש אונ, עשׂן, אונ, ניט... צו שטין פֿיר דער אַלמרי אודר קשׂטן‘‘, בּראַנט, פּרק מג. ‘‘מיך (די תּורה) ווערט מן אין ווינקל ליגן לאָזן אודר זיא ווערן מיך אין איין אַלמיר שליסן‘‘, לט 1, סב/א. ,,האָבּ איך שוין אַ'ס מיט פֿאַרשריבּענע בּיכער, חתנים בּאַזונדער, כּלות בּאַזונדער‘‘, מסדר אגרת, תּקפ‘‘ה. ,,אין שטאָט ... זײַנען לײַט פֿאַראַן מיט אַ'ס חקירה־ספֿרים,,, מבֿאָ, דער גייער. ,,מע האָט אים געטיטלט 'דער אַ, מיט ספֿרים', גערופֿן דער 'אײַזערנער בּאַרג'‘‘, יהואָש, 'די געגנבֿעטע כּלה'. ,,זײַנען אַלע ווענט געווען פֿאַרשטעלט מיט אַ'ס ספֿרים,,, חג, דער מאַמעס שבּתים. אַ'־ר ע אַ ל — מיט פֿאַכן פֿאַרן זאַץ־מאַטעריאַל. אין־כּעסערהייט, ווען עמעצער האָט ניט געוואָלט לײַען אַ בּוך: ,,אַן אַ, זאָלסטו בּלײַבּן,, [אַ, דערמאָנט אָן: אַלמן]. —יש — אַדי. אַ'ע בּאַצירונגען.
אַלמער — דער, ־ס פֿטמ אַנשטאָט אַלמע.

מער. "'ועמדתי, אצל הבימה שקורי אַ',,, שבֿחי
הבעשט, קאָפּוסט 1815.

אַלמער ל — דאָס, ־עך. אויך: סטראַגאַן,
קיאָסק אין מאַרק. ־קע — די וואָס האַלט אַן
אַלמערל.

אַלן — 1. אַרכ. דאַטיוו פֿון אַ ל פֿון אַ ל ע.
,
,,גוט יתבּרך, האלף ישׂראל אין אַ, אירן נוט,,,
שמואל־בוך, סטראָפֿע 247. ,,ווערט פֿון אַלין
ביזן... גינעזן", לט1, שער־בלאַט. 2. אַרכ.
דזוו אַלץ אָדער אַלעמען. ,,הש"י... גדנקט אום
אַלין,,, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, כּ,,י 'מגילת
איבֿה', 1703. "תורה לערנין איז קיגן דעם
אַלין", מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, ה/א.
3. נעאָל. מצ פֿון אַל. ,,... די געבלימלונג, די
באַהימלונג, אַלע שטראַלן, אַלע אַ',,, סוצ,
וואַלדיקס.

אָלן — טרוו. אָל, געאָלט. דורכשטעכן מיט אַן
אָל (נאָל). אָלן לעדער. אומפּ — ,,עפּעס שטעכט
און אָלט אין האַרץ בײַ מיר,,, לע, ראָנדאָס און
אַנדערע לידעך.

אַלנאַ'כט — די. מצ נבֿ. נעאָל. טיפֿע נאַכט.
אינגאַנצן נאַכט וואָס נעמט אַרום די גאַנצע
וועלט. ,,אַ,. עס רוט די שפּעטע וועלט. ווי

פֿרעמד, ווי גוט עס איז אין פֿעלד,,, סעג, קאַפּריזן.

אַל־ניטאָ,
אַל־ניטאָ, — דער. מצ נבֿ. נעאָל. דאָס
אַבסאָלוטע ניט־זײַן. ,,מען איז אין אַ־נ, מיט איר
[מיט דער שעה פֿון צער] דאָך דאָ“, אַל II.
אַלניק(ע) — די, ־ס. <אַלניקאָ, נאָמען פֿון אַ
פֿירמע. שמירעכץ פֿאַר די האָר. “ד אַלערליי
י
וואַסערן, פֿאָמאַדעס אַ'עס אדגל, וועגן וועלכע
ד אַפֿטייקערס רעקלאַמירן אין די צײַטונגען,
י
ןענען אַמיינסטן אומנוצלעך פֿאַר די האָר“, דר,
ו גאָטליעבֿ פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע,
וואַרשע 1908.
אַל נכר — [אייל ניי'כאָר] דער. <דבֿריס, לבֿ,
12 אא פֿרעמדער גאָט. “דו בינסט זיך אַליין
מטמא מיט דעם א, נ“‘, נוצ, רנ/א (← אַל זר).
אַלנסיון — [... ניסאָיען] דער. מצ נבֿ. נעאָל.
העכסטער, שווערסטער, עיקרדיקסטער נסיון.
“אין קראַפֿט פֿון אַ, מקוים ווערט, וואָס איך
פֿאַרזאָג“, הל, לידער פֿון גן עדן.
אַלנפֿאַלס — זוו. אין יעדער פֿאַל. בכל־אופֿן.
ווי עס זאָל ניט זײַן. אַ, קען עס אַנדערש ניט

זײַן (ווערן). „איז ער געוויס געקומען מיט אַן
אַנדער מיין... אַ, אויף שלאָגן זיך געוויס
ניט“, [ט, די משפּחה מאַשבער. “אַ', ער איז
געווען נישט גוט צו איר... גלײַכגילטיק“,
ייִז, 'מאַגדאַ'. „אַ', איך האָב זיך ניט וואָס צו
פֿילן שולדיק דערפֿאַר“, אי. קיפּניס, סאָוו,
היימלאַנד, 5 1968, No.
אַל־נקמות — [אייל־נעקאָמעס] דער. גאָט פֿון
נקמות, וואָס נעמט נקמה. ערשטע ווערטער פֿון
קאַפּיטל תהלים, צד, וואָס מע זאָגט ווי דעם
'יום, יעדן מיטוואָך נאָכן דאַוו(ע)נען. <ראָש
השנה, לא/א; תּמיד, ז, ד. געניצט: א) ווי אַן
אַטריבוט פֿון גאָט וואָס קאָן ניט פֿאַרטראָגן
רשעות. „דער אַלטער שטאַרקער א־נ, פֿירט
קלאָר זײַן חשבון יעדעס מאָל“, פֿרוג I, 'דער
צייכן, פֿאַרציילט אין די ווײַטע בערג דעם

. „
צאַרן פֿון א'־נ'“, ייִש איבז, ח. נ. ב אַליק, 'די

י

מגילה פֿון פֿײַער,. ב) ווי אַן אויסרוף פֿון פֿײַן
און יאוש אַז גאָט זאָל ניט פֿאַרשווײַגן נגישות
קעגן ייִדן מצד די שׂונאי־ישׂראל. „עס וויינען
ציגל אין די ווענט: זע אונדזער קריוודע, א'־
נ'“, צײַט, 'און אַלע וויינען זיי, שאָטנס אויפֿן

שניי,. ,,... און ער [ירמיהו] ווי אַ שאָטן אַ
שטומער מאַנט טראָציק בײַ גאָט: א,־נ'! אָ,
ענטפֿער אויף צער און אויף חורבן“, משה דוד
גיסער, ,ידמיהו'.

אַלס — קאָנ. Mhd: als־ 1. אַרכ אַ ז. דינט
צו פֿאַרבינדן אַן אָביעקט־זאַץ מיטן הויפּט־זאַץ
[אַז שטאַמט פֿון אַלס]. ,,אין דיא יעניגי הײַזיר
אַך זוא פֿיל... זורג שטעקט אלז ער ליבירשט
דאז זײַני וואָלין ביהאַלטין“, גה, 23. ,,איך
ביפֿעל דיר ווײַטר ניקס נור דיזש אַליין אַלז
דוא מ□ר פֿערנר זאָלזט גיטרײַא זײַן“, מכירת
יוסף פֿפֿדמ 1713 [אַווע □II]. ,,דא שפֿראך דער

ליב: ווששׂט וועגן בילדן זיך דיא מענשן זוא
פֿיל אײַן אַלז זיא זיך אונטר שטינין אונזרי
הערן צו זײַן“, הבחור חנוך סגל מ□ □דמ, איבז,
אגרת בעלי חייט, הענא תע“ג. “איין שקר
נביא... דער פֿיל פֿון ישׂראל דער צו איבר

רעט האָט אַלםt זיא זײַן מיט גיוואַלט פֿאַר דער
צײַט אויז מצרים גאַנגן“, אַלכּסנדר סענדר

עטהויזן, בית י□ראל ובית הבחירה, אַמשט 1724, ח,. "רבינו משה בן עמרם האָט נאָך מיר געזאַנד אַלש איך זאָל צו אים קומן בהענד", 'משה רבינו בשרייַבונג,, אָרט? ?1750 [חנא שמערוק, גק, No 50].

2. אַרכ. כ ד י. ,,אַלז מן זאָל ווישָן וואו איין אוצר ליגט..."‚ ר, דוד טעבַיל בר, יעקבַ אַשכנזי, בית דוד, ווילמרשדאָרף 1734. ,,לאָהבן טוט מען איהן אַללש ער ניכט באַלד שטאַרבין זאָל", מעשה אומן. ,,ליבער גאָט, לאָז אונז אויף לייגן איין שנה טובָה אַלש מיר זאָלן זוכה זיַין אונזרי קינדר זעלבר אויש צו געבן..."‚ תחנות ובקשות, דיהרנפורט 1798, מ/א [איבערדרוק ווילנע 1858].

3. אַרכ. וו ע ן. קאָנ מיט אַ צײַט־באַגריף. "אַלע) ער גיקומן איז אויז דעם שטרײַט, דא האָט ער [יפּתח] אויף גיאופּפּרט זײַן טאָכטר", יוסיפון, אַמשט 1661, שמח. ,,דיא הימל האבן אונז דיא גנאָד צו גילאסן אַלםt אונזר באַך נילוס איזט איבר גאַסן", מכירת יוסף, פפדמ 1713 [אַווע III]. "אַלז איין ציגל...פאַלט אונ, צובראך, זוא וויינטן זי דריבר, אונ, אַלש איין מענש פאַלט... וואַר קיינר דער זיך צו אים אום זאַך", ר, יעקב□ בר, מתתיהו, איבז, תס

וישר, פֿיורדא 1768. „אַ, ער [הורדוס] איז געוואָרן קיניג, האָט ער ביסלעכווייַז אויסגעטיליקט די גאַנצע משפּחה... חשמונאָים“, אמד, קורות ירושלים, ווילנע 1862, ז, 52.

4. אַרכ. קומט נאָך אַ קאָמפּאַראַטיוו, אַנשטאָט הייַנטצייַטיקע: ווי פֿון, איידער.

,

„דאָרטן מעכשט מיין ריווח האבן אַלז דיא„, פּראָגב, 7. „דער זיך מסכן איז אויז איבר מוט איז ביזר אַלז ווען ער איין איסור דאורייתא טוט“, צוכט. „די אשה הנ"ל מער טויט אַליע) לעבינדיג געוועזין איזט“, גה, 331. "דען איז איין גרעשר חידוש איין מדינה מיט שלום צו אונטר האַלטן אַלע) מיט מלחמה„, מראות הצו אות, וואַנדזבעק 1718. "מן טערף [=דאַרף] דען (שמש) ניט איין וועק נעמן פֿון דיא (חנוכה) ליכט אונ, מן זאָל אים היכר שטעקן אַל די אַנדרי (חנוכה) ליכט“, קהלת שלמה אַמשט 1744, צג/ב. „זי וואַר פֿול פֿון אייטל (חן) אונ, שונקייט מער אַל) אַלי די ווייַבר„, יוסיפֿון פֿיורדא 1764' II, צו/א. "די רוסישע

,

י דן פֿיל פֿרימער אַ, די אין פֿראַנקרייַך זייַנען“,

אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע 1878. “דאָס אָבערהויז שטייט העכער אַלס דאָס אונטערהויז“, ייִפֿאָל, 1882 I ll.

5. אַרכ בײַם פֿאַרגלײַכן: ווי, אַזוי ווי, גלײַך ווי. “קומן דיא צרות דורך די אומות אַל) וויא איין אשה אורבליצלינג גווינט“, מהמ, 1722, הקדמה. “מיר וורמיישׂר זײַן פֿאַרשפּרייט אונ, פֿארערט [פֿאַר אירט] אַלז וויא דיא שאַף

-

זונדר הערט“, נײַא קלאָג ליד פֿון חורבן ק,,ק וורמיישא, אַמשט 1723 [פֿש III]. “אַל וויא איין חולה דער דא ערשט פֿון זײַן קרענק אויף שטיט, זוא מוז ער זיך פֿיל מער היטן פֿר

אַלסלאַוויש

אונגזונדי שפּײַז,,, אליעזר זוסמן רודלטום, יודשר טרייאק, אַמשט 1737.

6. אַרכ וו י (אָן אַ פֿאַרגלײַך). ,,איין

משולח פֿון דען שׂרים האָט אויז גירופֿין..., אַלז
איך דער צילן וויל דיא דבֿרים,,, ווינץ, ז, 33.
7. דטשמ. זייער אָפֿט געניצט. אין דער
פּאָזיציע (סיטואַציע) פֿון. אין דער בחינה פֿון.
אין דער סטאַדיע פֿון. דוגמאָות: ״דער ייִד אַ,
מענטש פֿאָדערט גלײַכע רעכט״; ,,אַרויסטרעטן
אַ, ייִד,,; ,,קומען אַ, פֿאָרשטייער פֿון פֿאַראיין״;
,,ער האָט זיך שוין אויסגעצייכנט אַ, קינד״;
,,ייִדיש אַ אַ באַזונדערער לימוד״; ״געבן דאָס
,

בוך אַ, א חנוכּה־מתּנה״. [מוו און זר זײַנען אין
ייִ�א, 1938, 1, אַרויסגעטראָטן קעגן ניצן אַ'.
״ווען זאָל מען ניצן אַ,? — קיין מאָל נישט״,
מוו, דאָרטן. מוו לייגט פֿאָר פֿאַרבײַטן מיט:
ווי � אר, אַן אַדוו מיט ־ווײַז, בתּורת אָדער
— ,
דורכלאָזן (געבן דאָס בוך אַ חנוכּה־מתּנה). ביר
לייגט פֿאָר: בבחינת, בתּורת, בחזקת, בדרך. ימ
לייגט פֿאָר: וואו עס לאָזט זיך — דורכלאָזן,
וואו מע קען פֿאַרבײַטן מיט אַן אַדוו (שוין

קינדווײַז האָט ער זיך אויסגעצייכנט), אָבער

נ י ט פֿאַרבײַטן מיט וו אָדער פֿאַר, ווײַל: ער

-

רעדט אַלט ייִד — ער איז אַ ייִד; ער רעדט ווי אַ י ד — קען זײַן ער איז ניט קיין ייִד.] "הנער שלמה וועלכיר זוא אַליע) איין קאַמיר דינר אצל בעלי גיוועזין", גה, 297. „פּורים פֿאַרשטעלט זיך דער י ד אַ, גוי, יום־כּיפּור פֿאַרשטעלט זיך דער גוי אַ, אַ ייִד,„ שוו, מייִ. "ה, ר. אַלס אייבערדירעקטאָר פֿון די אײַזנבאַנען...„, קמ, 23 1867, No. „שוין אַלס פּיצל קינד האָב איך געקראָגן גרויס אײַנרעדעניש און שטאָלץ",
ייִ אָל, 19 1881 XI. „סאַלטשען האָט ער געקענט אַ, קינד", ספּ, סודות. „איך שטעל דיר תּיכּף... פֿאָר אַ, מײַן אייגן קינד", מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואטלעהרער III, דראָהאָביטש 1898. "ייִדיש אַ, שפּראַך איז קיינמאָל נישט געלערנט געוואָרן", נפּ, ייִפֿאַ, 1938, 1. „אַ קאַמף פֿאַר אייגענע שולן מיט ייִדיש אָדער העכּרעאיש אַ, אונטערריכט־שפּראַך", גרינ, איד און וועלט.

"דער קוש וואָס כ'האָב דיר אויפֿגעדריקט אַ,
שטעמפּל", יהואָש, זון און נעבל "ער, אַ,
אַמאָליקער יושבֿ אין קאָצק, האָט ײַנט
האַנדלוואַנדל", שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט'.
,,איך קען זי שוין אַ סך יאָרן אַ,
אייבערשוועסטער,,, י. נימצאָוויטש, טאָג, 5 1958 I.
,,זיך פּרײַוויליק אַנגאַזשירט אַ, אַן אויסלענדער
אין דער פֿראַנצייזישער אַרמיי", טמז, 1960
27 XI. ,,גוטע ייִדישע שרײַבערס און ריידערס
ניצן [אַלס]", א. גאָלדסטיק, ייִשפּ I י, 1־2.
אַלסבאַ'לד — אַדוו. Mhd: als־bal(!e. אַרכ.
גלײַך, באַלד, ניט אָפּלייגנדיק. "האָט אַלש
בלד... איין מורשה אויף גישטעלט", גה, 371.
,,מיינט ער דיא תּשובֿה... אַלזבאַלד ביררייט
זײַא", 'בוקסטאָרפֿס טעסאַורוס, [אווע III].
אַלסלאַוויש — אַדי וואָס איז פֿון (שייך צו)
אַלע סלאַוון. אַן אַ'ער צוזאַמענפֿאָר. אַ'ע
אייגנשאַפֿטן.

אַלסעדינג

אַלסעדינג — פּר פּטמ. דזוו אַל(צ)דינג. "אַלץ
.
אײַנגעשטעלט און אַ, קאַפּויער געשטעלט",

בּראָד, גש, 123.
אָלסער — דער, ־ס. אַמ. ← אולסער, 508.
אַלע — פּראַ. בּמ. ▯ Mhd: alle. [בּײַט זיך ניט
ווען אַ, קומט מיט אַ סובּ. ← אַלעמען.]
יעדער(ער). נעמט אַרום אַ גאַנצע גרופּע אָן
אויסנאַם. אַ, מענטשן. אַ, שעפּעלעך. אַ, בּענקלעך.
אַ, יאָר. אין אַ, יאָרן פֿון זײַן לעבּן. אין אַ,
צײַטן. אַ, ווײַלע, אַ, מינוט. אַ, טאָג. אַ, טעג
פֿון אַ גאַנץ יאָר. אַ, סאָרטן. אַ, מיטאַמאָל. אַ,
אינאיינעם. אַ, מיטאַנאַנד(ער). *אַ, מאָנטיק און
דאָנערשטיק = זייער אָפֿט. מיט אַ, פּיטשעווקעס.
מיט אַ, פֿליטערלעך. מיט אַ, הידורים (תּגין).
*מיט אַ, זיבּן (זיבּעצן, זיבּעציק) זאַכן = מיט
אַלץ וואָס מע דאַרף, וואָס איז נייטיק. *מיט
אַ, זיבּן (זיבּעצן) גליקן = איז ער נאָך אַלץ
אויף צרות. איינער וו אַ'. איינער פֿאַר אַ'. מיר

י

אַ, ▯יר. אַ, פֿון גרויס בּיז קליין. זיי זײַנען
אַ, איינס.
„איטלעכער פֿאַר זיך, גאָט פֿאַר אונדז אַ'“;
„אַ, יוונים האָבּן איין פּנים“; „טאַטע און מאַמע
איז אַ קונץ צו זײַן, און אַ, מענטשן נעמען
זיך עס אונטער“; “אַז מע טאַנצט אויף אַ,
חתונות, וויינט מען נאָך אַ, מתים“; „אַ, כּלות

זײַנען שיין, אַ, מתים זײַנען פֿרום,,; ,,אין באָד
זײַנען אַ, גלײַך'', שוו. ,,הערט אויס, מײַנע גוטע
ברידער אַ'...'' פֿל. ,,אַ, ייִדן זײַנען
תשעה,
באָב אַבֿלים,,, שוו. ,,אַ, טאָג — אַ מײַל, אַ, שעה
א קרעטשמע'' פֿוול וועגן אַ בעל־עגלה אַ
שי— ,
כּור. ''זי הטן אין אום גרינגלט צו אַלן זײַטן'',
בבֿא־בוך, 539. ,,בפּנקס... בק,,ק לובלין, וואו
אַלי תּקנות אײַן גישריבן'', תּקק. ''איך פֿלעג
דאַרפֿן אײַננעמען די קרײַטעכער אַ,
פֿאַרןעסן'', שע, 'בײַם דאַקטער'.
אַ,ביידע — דזוו ביידע, עמפֿאַטיש. ''מיר
האבין זולין אַלי בידי אונזיר נדוניות... אין
ליגן'', גה, 159. ,,איך האָב אַ טאָכטער און דו
האָסט אַ זון — טאָ לאָמיר אַ, ב, אַ שידוך טון,,,
פֿל. ,,מײַן באָבע און זײַן זיידע ליגן אין דרערד
א, ב'' פֿוול [= זייער ווײַטע קרובֿים, זייער
— ,
אַ ווײַטע שײַכות].
אַ, ווײַל(ע) — אויך: תּמיד, שטענדיק.
,,דער יצר־הרע דער דיר אַלי ווײַל אַז איין
פֿוגל זינגט'', עיון, לו/ב. ,,זײַט די צײַט דאָס
גאָט דעם מענטש באַשאַפֿן האָט... איז אַ, וו,

נאָר איינער אויסדערוויילט... צו די ירושה„,,
אַ. פּאוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תּקצ״ח, ג/ב.
אָ'לעאָ — <איי <ל. 'אייל'. באַצייכענונג
□אַר יעדער מין פֿעטקייט וואָס מע באַקומט
-

אַרויס פֿון געוויקסן. ערשטער טייל פֿון אַ צאָל
צונויפֿהעפֿטן.
אָ'לעאָ־אייל — דער, ־ן. פּראָדוקט געמאַכט
פֿון פֿעטס פֿון בהמות, געניצט אין אַ צאָל
פּוטער־ענלעכע שפּײַזן.
אָלעאָגראַפֿיע — די, ־ס. <איי <ל <גר.
'איילשריפֿט'. כראָמאָליטאָגראַפֿיע. 1. פּראָצעס
פֿון איכערציִען מיט איילפֿאַרב, קאָפּי□ן אַ

1385

קאָליריק, מאָלעריש בילד. „אין דער
ליטאָגראַפֿיע האָט מען ערפֿונדן מע זאָל גלײַך
איבערטראָגן אויף אַ ליטאָגראַפֿישן שטיין אָדער צינק,
שריפֿטן, קאַרטן, צייכענונגען פֿון געדרוקטע
אָפּדרוקן... דאָס הייסט אָ,״, קמ, 1867, No 1.
2. איינציקע קאָפּיע וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון
אָלעאָגראַפֿישן פּראָצעס. „אויף די ווענט פֿיל אָ'ס

פֿון יונגע און עלטערע הירשן,,, בערג, בײַס
דניעפּער I.   ,,אַ גרינע שמוציקע אָ, פֿון אַ
נאַקעטער פֿרוי אויף דער וואַנט“, ייִז, ח״ר
נחמן.

אָלעאָגראַ'ף — דער, ־ן. ווער עס
אַרבעט בײַ אָלעאָגראַפֿיע. ־יש — אַדי. ,,
באַצירט מיט אַלערליי פֿיגורן, באַהאָנגען מיט
...
אָ'ע פֿאַרביקע בילדער“, ייִז, קאַרנאָווסקי.

אָלעאַ'ט —דער, ־ן. (כעמיע פֿאַרמאַצעווטיק)
,
זאַלץ פֿון איילזײַערס.

אָלעאי'ן — דער, ־ען. געלבלעכע אָדער
אָנקאָליריקע אײַליקע פֿליסיקייט, צעגייט ניט אין
וואַסער פֿאַראַן אין גרינסן־אייל.

,
אָלע אָמאַרגאַרי'ן — דער, ־ען. <פֿר. דזוו
,
מאַרגאַרין. פֿאַרבײַט, סוראָגאַט פֿון פוטער,
געמאַכט פֿון איילן פֿעטסן, מיט אַ צומיש פֿון
,
מילך, שמאַנט. געפּאַקט ווי פּוטער. ווערלוועלער
ווי פּוטער פֿאַראַן כשרע און ניט־כשרע מינים.

אָלעאָנאַ'פּט — דער, ־ן. אויך: אָלינאַפּט, עלינאַפּט. געלבּלעכע פּעטע פּליסיקייט, וואָס האָט אין זיך אָלעאין און נאַפּט. געניצט בײַם אויסאַרבּעטן לעדער, צו שמירן דילן, אײַזנס זיי זאָלן ניט ראָסטן אאַ. „שמיר אָן אָט דאָ די לאַגערן. אָט דאָרט — ער ווײַזט מיט דער האַנט — אויף דער פּאָליצע שטייט אָלינאַפּט“, ש. בּרעגמאַן, נ אָמקע שוואַרצ, קיִעוו 1935 פֿון

י

,, .

ד אַלטע פֿאָדלאָגע־בּרעטער וואָס זײַנען

אָפּגעי

שמירט מיט עלינאַפּט“, בּערג.

אָלעאַנ דער — דער, ־ס. <איי <?.)

באָטאַניק) אייבּיק־גרינער, ניט־הויכער קוסט אָדער בּוים פֿון מיטעלער הייך, מיט לענגלעכע בּלעטער און ראָזע אָדער ווײַסע דופּטיקע בּלומען.

די קאָרע, די בּלעטער און די
בּלומען זײַנען גיפֿטיק. שטאַמט
פֿון די לענדער אַרום
מיטלענדישן ים. ווערט קולטיווירט
אומעטום ווי אַ ציר־געוויקס.
פֿון טאַנצזאַל... ווערט
אַרויס,,

געטראָגן די חופּה, צעשטעלט
די אַלעאַנדרעס“, פּרץ, ,וואָס
אין פּידעלע שטעקט'. “זע נאָר, דער אָ,
בּליט. זעסט דאָ אַ קליין פּאָנטשקעלע? אָט דאָ.
ס'וועט שיין בּליִען,,, י. האַלפּערן, שיינדעלע,
וואַרשע 1913. ,,אין קאַליפאָרניע... וואו די
רויזן הערן ניט אויף צו בּליִען און די
אָלעאַנדרען גרין צו זײַן“, דא פֿון בּערלין בּיז
סאַן,
פֿראַנציסקאָ, וואַרשע l930. אויך: אָ'־בּ ו י ם.
געהייסן אויך: רויזן־לאָרבּער. ־דרי'ן —
דער, ־ען. בּיטערער און גיפֿטיקער
אַלקאַלאָאיד וואָס געפֿינט זיך אין אָ'. erium] [
.O1ean(]e

אַלעגראָ
אָלעאַנדער־פֿלאַטערל — דאָס, ־עך. אויך:

אָ'־ספֿינקס.
נאַכטפֿלאַטערל, אַ מאָט,
קאָלירט גרין־וויאָלעט.
פֿליט זייער גיך. האָט
אַ טבֿע אַרומצושוועבּן

איבער דער בלום
איידער עס טרינקט פֿון איר דעם נעקטאַר. געהערט
צו די 8clןin i(]ae.
אָלעאַסטער — דער, ־ס. <איי <ל.)
באָטאַניק) אַ קוסט אָדער אַ ביימל,
געניצט ווי אַ ציר־געוויקס.
וואַקסט אין דרום־אייראָפּע
און אין מערבֿדיקע טיילן
פֿון אַזיע. האָט זייער
שמעקעדיקע געלע בלומען און אַ
פּרוכט וואָס זעט אויס ווי אַן
י

איילבערט.]laea nus an usti lia.
אַלעבאַסטער — ← אַלאַבאַסטער, אַלבאַסטער.
אַלעבאַרד ע — די, ־ס. <רוס
.M d: lıe1m־ba (<דײַטש
פֿאַרצײַטיקער כּלי־זיין.
צווייש אַרפֿיקער וואָפֿן אין דער פֿאָרעם
פֿון אַ רונדיקן פֿאַרשפּיצטן קלינג
פֿון איין זײַט און דרײַ קורצע
שפּיזן פֿון דער צווייטער זײַט.
־יסט — דער.
אַלעגאָר יע — די, ־ס. <איי <גר.

אַן,
דערשקייט פֿון רייד'. רעפּרעזענטירונג פֿון אַן
אַבּסטראַקטער אידיי(ע) דורך אַ קאָנקרעטער
פֿאָרעם. דערציילונג וואָס איז אַ משל.
פֿאַרבילדלעכונג (אין רייד, מאָלערײַ, סקולפּטור) פֿון אַ
באַגריף כּדי צו מאַכן רעאַלער, ממשותדיקער.
אַ, איז אַן אויסדערוויילטע פֿאָרעם אין דער
ליטעראַטור, ספּעצ אין רעליגיעזע שריפֿטן. אַ,
שפּילט אַ גרויסע ראָלע בײַ די נבֿיאים, למשל
יחזקאל, לז, די נבֿואה וועגן די טרוקענע
ביינער. אַ סך מדרשים זײַנען אַ'ס. אָפֿטע אַ'ס אין
מוסר־ספֿרים, אין קבלה. ממוס, די קל אַטשע —

אַן אַ'. „אַן אַ, איז אַ גאַנצע פֿולע
איבּערזע־ ,
צונג פֿון אַ וועלכן עס איז געדאַנק אין דער
שפּראַך פֿון בילדער„, זשיט I, נ„י 1912. „
מקובלים האָבּן געזוכט סודות אין דער תּורה —
נסתר. פֿילאָסאָפֿן אַ'ס, סימבּאָלן", שנ, קריטיק
—
און קריטיקער. „די בּעלי־הקבלה, וואָס האָבּן
אויסגעטײַטשט די גאַנצע תּורה ווי איין איינציקע
אַ', אַ מין פֿילאָסאָפֿיע אין בילדער און משלים",
קאָר II, נ"י 1940. ־יזאַציע — די. ־יזירן

— טרוו. באַטראַכטן אַן ענין מיט דער הילף
פֿון אַן אַ'. שאַפֿן אַן אַלעגאָריע. "די
גולמעוואַטע אָרנאַמענטן האַלטן אין איין אַ, און
סימבאָליזירן", מ גראָס־צימערמאַן פֿאַש, 15X1966.

,
־יסט — דער. „די אַ'ן מאַכן פֿון די פֿאַקטן
פֿון דער הייליקער געשיכטע אַבסטראַקטע
סימבאָלן„, זק איבז, שד ־יסטיש ־יש — אַדי.

. ,
אַן אַ'יש בילד. אַן אַ'ישע מעשׂה —ישקייט.

.
אַלעגראָ — אַדוו & סוב. (מוזט) אין אַ גיכן
טעמפּאָ, לעבעדיק. "אַ געקלימפּער פֿון גלאָז...

אַלעגרי

די מוזיק פֿאַלט אַרײַן מיט אַן אַ, אינעם שנעלן
ריטעם פֿון 'חתן־כלה־מזל־טובֿ'", ר. קאָפּע, היי
מיש, שבֿט אָדר תּשכ"א. אַלעגרעטאָ —
-
אַ ביסל פּאַמעלעכער ווי אַלעגראָ.
אַלעגרי — אַדוו & די. <איט אויפֿגעלייגט,
בגילופֿן (אין רוסלאַנד פֿון 19. י"ה). אַ
מאַסקאַראַדן־באַל וואו עס ווערט אויך אויסגעפֿלעט אַ

חפֿץ אָדער אַ געלט־סומע. „דאָס קאַפּיטאַל פֿון
דער חבֿרה בילדעט זיך... פֿון... קאָנצערטן,
טעאַטער־שפּילן און לאָטעריע אַ'“, קמ, 1866,
No 49. “האָט געבעטן... איך זאָל געבן עטוואָס
[פֿון דער קראָם] צו דער אַ, וואָס מע וויל מאַכן
פֿאַר דעם פּריִוט“, ייִפֿאָל, 1886 32, No.
אַלע־הייליקע — קריסטלעכע חגא לכּבֿוד אַלע
הייליקע, געווען פֿאַרבונדן מיט אַ יאַריד.
אַלעוואַ'ל — וורר   פּטמ אופֿן אַרויסרעדן
□
ה ל וו אַ י. „אַ, זאָלסטו געזונט זײַן“.
אַלעווײ, — געוויינלעכער אופֿן אַרויסרעדן
-
ה ל וו אַ י. קללה: „הינקען זאָלסטו אַ,, זאָלן
דיך כאַפּן שדים דרײַ“. „אַ, וואָלט איך ניט
געווען... אַ ייִדענע, וואָלסטו שוין געזען...,,,
אפּ“ס, גרונעלע דיא רעבעצין, ווילנע 1874. „אַ,
וואָלט איר דאָס אים געגעבן אַלץ צו פֿאַרשטיין“,
ראָס, דיא קלוגע מיידיל, ווילנע 1879.
אַ'ל(ע)וועגן — אַדוו. e□ג□ □ ־.□ a1le□ : □Mhd. אַרכ.
1. תּמיד, שטענדיק. „ר, עקיבֿא לאג אים אַלי
וועגן אובן [= אים מנצח געווען] פֿר דעם
קיסר“, מבֿ, מעשׂה ע. “צו גאָט איז דיא הילף

אויף דײַן ▯אָלק, דײַן בענשונג אַל װעגן", תּפֿלה
-

למשה..., דעסוי 1696, שכו/א. 2.
בכלאופֿן פֿונדעסטװעגן. „אַלע װעגן האָט דער
.
מענטש ניט דאַרפֿן עסן פֿלייש", צור, בראשית.
"װען שוין שׂרה האָט געפֿירט הגר צו אַבֿרהם,
אָבער אַלע װעגן איז זי אַבֿרהמס װײַב", דאָרטן,
לך לך.
אָלעװעשקע — ← האָלעװע▯קע.
אַל־עולם — [אייל▯ אוילאָם] דער. <בראשית,
כא, 33 אאַ. 1. אייביקער גאָט, תּי. 2. גאָט
פֿון דער װעלט. „א׳־ע, — די בחינה פֿון א,
איז די בחינה פֿון עולם", הלל צייטלין.
אַל עורך־דין — [... אוירעך־...] דער. 'גאָט
װאָס ריכט אָן דעם דין', ד„ה װאָס איז גרייט
צו משפּטן, מחזור כל־בו. ערשטע װערטער און
נאָמען פֿון אַ פּיוט, אויסגעסדרט לויטן
אַלף־בית, מיטן רעפֿריין 'ביום־דין', 'בדין'. מע זאָגט
דעם פּיוט ראָש־השנה און יום־כּיפּור צו
שחרית: „לאל ע׳־ד׳, לבוחן לבבות ביום דין...",
מחבר אלעזר הקליר, 8. י"ה. „קיין עבֿרי קען

ער ניט... נאָר ער ווייס אַז עס איז ימים נוראים און דער א, ע'־ד, וועגט יעדנס מעשׂים“,
טמז, □ □ 13 □ 19 III.

אַל־עזר — ואייל־אייזער] דער. גאָט פֿון הילף. „א'־ע„ העלף גאָט דײַן פֿאָלק דען ארמן, זע אונזר לייד“, ,קינות איף כמעלניצקיס גזירות', פּראָג 1648 [מוו, בילדער פֿון דער ייִד, ליט, געשיכטע]. (← אליעזר).

אָלע'זשלקע — די, ־ס. פּר. קליינע האַרטע בּאַרנע וואָס מע קען זי עסן ערשט נאָכדעם ווי

1336

מע האָט זי געלאָזט ליגן אַ צײַט איף שטרוי. די בּאַרנע ווערט דעמאָלט טונקל, ווייך און זאַפֿטיק. אויך: אולענגאַלקע ←, 508.

אָלעזשען — טרוו. ־זשע, אָלעזשעט. פּר □e□le:□>. לאָזן ליגן (כּדי עס זאָל ווערן פּאַסיק צום עסן). אָ, בּאַרנעס. אָ, ווינטערעפֿל. ”די בּאַרנדלעך האָט מען שוין גוט אָלעזשעט„.

אַלעטאַנדאָ — אַדוו <איט. (מוזט) צוריקגעהאַלטן. מיט אַ פֿאַמעלעכן טעמפּאָ.

אַ'לעי — די, ־ס. אַמ □alle□:□. אויך: אַלי,

עלי. שמאָלע גאַס, דורכגאַנג צווישן בנינים.
"אַנומלט גיי איך דורך אַן אַלעי און דערזע
אַ קופּע ביכער ליגן אויף דער ערד", דער לע
בעדיקער, טמז, 2 ◌ 1957 III.
אַל־על — [על־אַ'ל] די & דער. <הושע, יא, 7.
'צו די הויכקייטן, צו די הימלען'. פֿליי־
געזעלשאַפֿט, אַוויאַציע־ליניע — זינט 1949 — פֿון
מדינת ישׂראל [אין 1968 פֿאַרבינדט ישׂראל מיט
צוואַנציק לענדער פֿון פֿיר קאָנטינענטן].
אַלעלאָמאָ'רף — דער, ◌ן. (גענעטיק)
פֿאָרעם פֿון אַ גען וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ
מוטאַציע און טראָגט מיט זיך אַ וואַר אַציע וואָס
י
גייט איבער בירושה. אַ'יזס. ־יש —
אַדו.
אַלעלאַ'ק — דער. מצ נב. <סלאָוואַקיש <ל ——

-

alica(◌]). אין סלאָוואַקיי דזוו שפּעלץ,
טונקל־וייץ, אָרקוס אָדער אָרקיש. כּוסמין.
אַל עליון — [אייל עליון] דער. <בראשית,
יד, 18 — 20, 22. דער העכסטער גאָט, דער
אייבערשטער. "די פֿיר ליכט האָבן מיט זיך

פֿאָרגעשטעלט די נאָענטקייט פֿון א, ע'“, ט□וז,
3 □ □ □ 5□)19 I.

אַלעלע — די, ־ס. (גענעטיק) קירצונג פֿון אַלעלאָמאָרף.

אַלעם — 1. דזוו אַלדעם ← פֿאַר (פֿון, צו)

□

אַ, גוטן (בּייזן). אַ לעבן פֿון שפֿע מיט אַ, נייטיקן. קומען אויף אַ, פֿאַרטיקן. “זי [חוה] איז געווען די מוטער פֿון אַ, לעבעדיקן“, תּי, בּראשית, ג, 20. „זײַן גאַנצער איך איז מסור ונתון צום אַ, העכסטן“, לדבֿ, נ“י תשי“ז, 272.
2. דאַטיוו פֿון אַ ל ץ. געדענקען (פֿאַרגעסן) אין אַ,. “אַז עס גייט — גייט מיט אַ'“, שוו. “דז בּיז אַן אלים דשׂ דא ווערט גיטאן אונטר דר זונן“, טח, קהלת, ט, 3. „שייד דיך אבֿ פֿון אלים וואשׂ דיך קען פֿון גאָטשׂ גיבֿאט אכֿ שיידן“, חה, אַמשט 1716, קמח/א. “בּילאדן מיט אַלם וואז מן בּרויכט“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא פֿפֿדמ, תּמ“ה?, יד/א. “גלייבֿן אין דער

,

גאַנצע תּורה און אַן אַ, וואָס די הייליקע תּורה און די הייליקע נבֿיאים געזאָגט האָבן“, תּחנות ובקשות, דיהרנפֿורט 1798, יב/ב [איבּערדרוק

ווילנע 1858]. "געהער מען אויך אויף אַ, אַליין אַכטונג האָבּן", עץ חיים תּרי"ב, אָרט?
3. אַזוי ווי אַ דאַטיוו פֿון אַל,. אין די אויס,
דרוקן: צו (פֿון, נאָך, מיט) אַ, דעם, צו (פֿון, נאַך, מיט) דעם אַ', צו(ם) אַ, ערשטן.
4. אַרכ. גאַנץ. "זוכן מיט אַליס פֿלײַס דאשׂ

אַלעמאַניש

זיא קענן מתּפּלל זײַן אין איין בּית־הכּנסת,,,
לט1, קמח/א.
אָלעם — דער. בּא. דזוו אָליום ←. ,,ער האָט
אָפּגעגאָסן אַן עס־עס־מאַן מיט אָ'", ייִבּל יXXXI,
242. ,,... די שוּוואַקס... צעבּרענט און צעעסט [לעדער] ווי אַן אָ',,, אמד, רויזע פֿינקעל, ווילנע 1874.
אַ'לעמאָל — אַדוו. שטענדיק. תּמיד, כּסדר.
ס'איז אַ, גוט (ניצלעך, פּאַסיק אע) דאָס צו טאָן.
אַ, טאָן בּלויז גוטס. בּעסער (ערגער) ווי אַ'.
"אַרײַן איז אַ, גרינגער וו אַרויס", שנו. ,,אַ
,

יוקס, אַ פֿוקס — אויף אַ'!,,, קינדערשער שפּרוך

ביים ווערן ברוגז'. "ער טעט אַל מול דש
בעשׂט", שמואל־בוך, סטראָפּע 6. "דיא ערשט
וואַר זיא אַל מול ביי דעם טאַנץ", 'פּאַריז און
וויענה', וועראָנאַ 1599. „אַל מול קומט איין
בויזר שם אויף אירי קינדר", בראַנט, פּרק יד.
„אַ נאַר טוט אַ, ווידער זיין נאַרישקייט„, מס,
משלי תקע"ד, כו, 11. "קינדער
ווייסעחברהניקעס, לויפּן אונטער אַ', קרימען זי
איבער", שע, מע‌tיות און פּאַנטאַזיעס
אַלעמאָלט — פּפּ. פּטמ. אַרכ. „אַ, אַ
קונץ, אַ, אַ חכמהלע". „דאש גישיכט אַלי מולט,
וועָן זיך גוט יתכרך וויל דער מייאן מיט דען
צדיקים אין גן עדן", ספּר עולס הבא הנקרא
בפּי כל ספּר הגן, אַמשט חי"ט. „דער פּורטיגי—
זין יונגי גיזעלין האבין זיך אַלי מאָלט אין איר
בעשׂטי קליידער אַן גיטאן", גה, 81. "וויא זאָל
מאַן אים נון טון דאז מאַן ניט אַל מולט לאַכט
און שפּאָט", ספּר משליס פּפּדמ 1686, טז/ז.

אַ'לע מאָ'ל — ← אַלע. ניט עטלעכע מאָל,
נאָר אַ, מאָל. פּינף מאָל, צען מאָל — אַ, מאָל.
איי'ן מאָל פֿאַר אַ'לע מאָל.
אַלעמאָליק — אַדי. אַ'ער אויפּפּיר. אַ'ע
שווערעקייטן. "דורך שטעט, מדינות, יאָרן, דורות —

די אומעטומיקע, די אַ'ע, די גאַס", מבאָ, דער גייער "שרייַבן, ווי איך לעב דאָס שרייַבן איבער, איז אַן אַ'ער אָנהייב", אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. "לעבן נישט נאָר אין זכות פֿון זייער אַמאָליקער וואָר, נאָר מיטן כּוח פֿון דער אַ'ער ליטעראַטור", י. יאַנאַסאָוויטש שלמה ביקל יובֿל־בוך ־יקייט — קינסטלערישע אַ'.

אַלעמאַנדע — די. בא. <פֿר פֿאָלקסטאַנץ.

.

קאַראַהאָד מיט אַ פֿירפֿערטל טאַקט אין מיטעלער גיכקייט. אויפֿגעקומען אין דײַטשלאַנד אַרום מיט 16. י"ה פֿראַנצויזן האָבן דעם טאַנץ אַדאָפּטירט.

אַלעמאַניע — גנ. <פֿר. 1. דײַטשלאַנד.
2. דײַטשיש. „דיזש קליין ביכליין...
וועלכיש... גידרוקט איז גיווארדן אין לשון הקודש און, דר נעבין גלחות לשון אלמאייניה רצח לומר הוך טײַטש, און איך האָב עש... איבו גיזעצט אין א[.נזר שפּראַך לשון אַשכּנז„, איבז, אליהו קוטנים, תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692.
← אַלמאַניע.

אַלעמאַניש — דאָס. בא. (שפּראַך) ד אַלעקט
י

פֿונעם דײַטשישן שבֿט אַלעמאַנען. קאָמפּאָנענט
פֿון הויכדײַטש.

אַלעמבּיק

אַלעמבּיק — דער, ־ס. <איי <ל <אַראַבּיש.
1. מעטאַלענע אָדער גלעזערנע קאָלבּע פֿון אַ
דיסטיליר אַפּאַראַט. 2. ספּירטבּרענער מיט
-
אַזאַ קאָלבּע. „.... אין דעם אַ, וואשׂ שפּירטוס
איז טוא אַרײַן פֿריסע גיבּרענטי קאַווי...„,
איין בּיכל... אזו וויא צו פֿר היטן דא)
גיזונד אונ צו פּרנסה..., שקלאָוו 1795. *
נעמען אויפֿן אַ, — נעמען אויף אַ שאַרפֿן
פֿאַרהער, דזוו נעמען אויפֿן צימבּל. 3. גרויסע
כּלי, געניצט בּײַם בּרענען בּראַנפֿן אין
גוראַלניעס, קאָנטראָלירטע פֿון דער רעגירונג.
—אָווע — אַדי. אַ'אָווער בּראַנפֿן = גוטער,
ריינער בּראַנפֿן. „העי, העי, טרינקען מיר
אַלעמבּיק!“ פֿל (גנבֿים). „זיי וועלן מיר הייסן געבּן
,
אַ גוט גלעזעלע אַ'אָווע בּראָנפֿן„, יאַ, דער יוד,
רעקרוט לײַפּציק 1862. „... אַזעלכע געהיימע
גוראַלניעס ווערן געמאַכט אין פּריוואַטע הײַזער
... דאָרטן דינט אַ סאַמאָוואַר... שטאַט דעם

אַלעמבּיק,,, ייִפֿאָל, 9 1887, No.
אַלעמדיי'נג — פר. דאַטיוו פֿון אַלצדינג.
באַדאַנקען פֿאַר אַ,. זיך אָפּרעכענען פֿאַר אַ'. ,,ווי
אַ הונט דערהרגענען פֿאַר אַ',,, אַש ,,געהערסטו
דען נישט מיט אַ, דעם קייסער?,,, עוזר
וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924. ,,ער איז
די וועלט מיט גאָר אַ, וואָס אין איר,,, איבּז, א.
שטיינמאַן, היימיש, אַפּריל־מײַ 1961.
אַלעמיי — ← הלמאַי. ← אלא מאַי פֿאַרוואָס
—
.
טאַקע? פֿאַרוואָס טאַקע ניט? אָט זעסטו. ,,אַ,
זאָלן זיי אַזוי רעדן?“. ,,בּכן, וואָס קוקסטו אויף
אַ חלום. אַ, מיר האָט זיך געחלומט...“, נחבֿ,
▯
מעשׂה מבערגיר והעני'. ,,אָ, זאָל זי וויסן מיט,
ווענען צו חבֿרן זיך, ניט אַרומפֿירן זיך מיט
עפּעס אַ שקאָץ,,, זבֿ, דער וועג פֿון פֿאַראַט,
מאָסקווע 1932.
אַלעמען — 1. אָביעקטיוו (אַקוזאַטיוו און
דאַטיוו) פֿון אַ ל ע וואָס ציט זיך ניט צו אַ סובֿ
[אַזוי איז עס אין לד, אין אוקר און אויך די
פֿאַרשפּרייטע פֿאָרעם אין ליטרש.
רעקאָמענדירט פֿאַר דער כלל־שפּראַך]. זען אַ, אין אַ ניַי
ליכט. פֿאַקן (כאַפּן) אַ,. אומבּרענגען אונדז אַ'.

וויַזן אַ, ווער עלטער איז. שענקען אַ, שיינע מתּנות. בּאַלאַנגען (געהערן) צו אַ'. גוט מיט (פֿאַר) אַ'. זיַין מיט אַ אַ גוטער חבֿר (אַ
פֿאַני,
בּראַט). געפֿינען חסרונות אין אַ'. ,,וויל מען

פֿאַר אַ, יוצא זיַין קריכט מען ערשט רעכט אין בּלאָטע אַריַין,,, שוו. ,,אונדז אַ, קומט אַ מזלטוב,,. ,,ער [גאָט] איז הייליג, ער איז גישטאַרקט אונ איז פֿון אַלימן פֿר הוילן,,, מחזור, הומבּורג, 1721, עו/א פֿאַרמערט ער פֿיל שלום
. ,,
און ער בּאַקומט פֿיל גוטע פֿריַינד או האָט פֿון אַ, גרויס כּבֿוד“, ספֿר חסדי אָבֿות, 19. י,,ה. ,,מיט אַ, האָט זי זיך איבּערגעקריגט, אויף אַ, זיך אָנגעבּייזערט,,, שע, פֿונעם יאַריד.

2. דאַטיוו פֿון אַ ל ץ (בּלויז נאָך עטלעכע פּרעפּ). צו דעם אַ'. *זיַין ניט מיט אַ, = ניט אינגאַנצן געזונט. נאָך אַ, — אין סוף־הכּל. “נאָך אַ, האָבּ איך איַיך קיין שלעכטס ניט געטאָן“. ,,נאָך אַ, איז ער דער טאַטע פֿון דיַינע קינדער. און דו טאָרסט ניט זיך אָפּרעכענען מיט אים,,.

„ס'איז נאָך אַ'„ = א) פֿאַרשפּעטיקט, דורכגעלאָזט
אַלע גוטע מעגלעכקייטן; בּ) שוין קיין
האָפֿענונג ניטאָ. אַן ענטפֿער אויף דעם אַ'. „הער
נאָר, דו שיין מיידעלע, וואָס איך וועל דיר
פֿרעגן, דו זאָלסט מיר אויף אַ אַן אַנטוואָרט

געבּן“ פֿל. “זײַן הרץ איז בּשלוה אוף אַלמין

וואשׂ גאָט איז אוף אים גוֹזר„, חה, קפּב/א. „ער
האָט געמוזט מודה זײַן אויף אָ, אַז סע איז יוי
דאָ אַ מלך“, נחב, ,מעשׂה בּחכם ותּם'. “פֿון דעם
שטראָם פֿײַער פֿון ד ע ם אַ, וועלן די צדיקים
...
נצול ווערן“, ישעיה, פּירוש עבֿרי־ט.טש,
לעמבּערג 1877. „.... וועסטו צו דעם אַ, נישט
קומען און וועסט האָבּן עוה“בּ„, ספֿר יח
ספֿונים, שיר־השירים.
אַלעמענס — פּאָסעסיוו פֿון אַ ל ע. „איך בּין
קוים לעבּעדיק פֿון אַ, הענט אַרויס“, ממוס,
קליאַטשע. „פֿאַרוואָס פֿילט כּתרילעווקע אַ, צרות
מיט אַ, ווייטיקן?„, שע, קליינע מענטשעלען....
„אונטער אַ, פֿאַראַבּטנדיקע בּליקן„, זש, נח
פּאַנדרע. „אונדזער אַ, שעה הייבּט זיך אָן„, הל.

אָ'לענע — אַדי. אוקר. [ ] ( ) נro: <..
נאַקעט. געגאָלט. „איינער רעדט אָ, און דער
צווייטער סטריזשענע“ [= געשוירן], פּוול וועגן
רעדן קאַפּויערדיק.
אַלעס — פּראָ. 1. אַרכ. אַ ל ץ (←). „אויף
אַל ע דאשׂ ער האָט פֿור גאלטן אונשׂ“ [תּי:
„וועדליג אַלץ וואָס גאָט אונדז געטאָן„], טח,
דבֿרים (הפֿטורה נצבֿים, ישעיה, סג, 7) פֿעגיל
. „
און, אַליז זײַן אים אונטר טון“, ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686, לד/ב. „האָט אים אַלז בּיז איבּר
האלפֿן„, סהמ, משלי, כח, 23. [← איבּערהעלפֿן,
בּ3, ז, 923]. איך וויל עשׂ לערנן אַלשׂ דאשׂ
איך קאַן„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 35. „צו פֿר
דערבּין אַל מיט אַנדר גוטשׂ און, בּיז„, בּראַנט,
פּרק כח. „אַלסt מעלה בּכתבֿ גיוועזין„, גה, 361.
2. אַ, = אַלץ. געבּליבּן א ן שוו. אָפֿט אין
ליטרש און פֿטמ [ווערט רעקאָמענדירט
אויסצומײַדן אין כּלל־שפּראַך און ניצן בּלויז אַ ל ץ].
„בּײַם אויסקערן די שטובּ געפֿינט מען אַ„;
„דער דלות מעג אַ'“; „דעם דלות פּאַסט אַ'“;
„אַ דאָקטער קען אַ', נאָר ניט אַרויסטרײַבּן דעם
דלות“ “די וועלט (צײַט) איז אַ ראָד, די צײַט

קען אַ, איבֿערדרייען“; „אַז דער סוף איז גוט — איז אַ, גוט„, שוו. „הקבֿ„ה קען בײַ דיר אַ, אַוועקנעמען„, לט2, ט/ב. „זיי זײַנען אויסגעגאַנגען פֿאַר אַ שטיקל ברויט, האָבן אַ, אויספֿאַרזעצט און אויספֿאַרקויפֿט“, נחמי, לאָטרינגער, דער יודישער דלות, לעמבערג, יאָר? „האָבן אַ, בײַ אים אויסגעקאַשפּערט“, ייִפֿאָל, 4 1881, No. „אַ„ אַ, איז אים געווען איבֿעריק“, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. „אַ, איז געווען שטיל, אַ, האָט טיף געשלאָפֿן“, ד. עדעל שטאָט, שריפֿטן, נ„י 1911. „אַ, איז דײַן, אַ, אין הימל געהער צו דיר“, פּרץ, 'באָנטשע שווײַג'.

אַלעסדינג — ← אַלצדינג פֿרגל אַלסעדינג

.

„ווען עס שלאָפֿט אַ', וויל איך וואַך זײַן אַליין„, סעג, שטילע טרוימען, וואַרשע 1909. „ס'איז אַלץ, ס'איז אַ, דער שׂטן!„, בראָד, גש, ז, 48.

אַלעקסאַנדרי'ן

אַלעסווייז — אַדוו. אַרכ. אַלעס'. אַלץ, אַלצ,

.

דינג. "אַל וויַיז איך גיזאגט האבּ היַינט האבּ איך נט אויף אַלי פֿ"פֿ [= פֿראַנקפֿורטער] גימיינט,,, 'בּחורים־ליד', פֿפֿאָ 1750 [וואַכשטיין בּוך, ייִוואָ].

אָלעסק — גג. שטעטל אין גאַליציע פֿון אָ,

בּיז קיין בּיסק [אַ שטעטל אין גאַליציע] טראָגט אַ פֿוקס אַ בּיקס אין פּיסק,,, שפּאַסיקע גיבריידעניש בּיַי ייִנגלעך אין מג. [אין אַנדערע ערטער. פֿון ליפּסק קיין בּריסק....]

אַלעפּ — דער. בּא. <פֿר. 1. שניט־סחורה, געוועבּט פֿון וואָל און זיַיד, אַ בּעסערע סאָרט וואָלאָטלעס, ספּעציאַליטעט פֿון דער שטאָט אַלעפּאָ אין סיריע. אויך: אַלעפּי'ן. 2. מאָס צו מעסטן שטאָף. ,,ווען דו האָסט געקויפֿט 150 איילן קיטיַי לייַפּסקער, נאָר דו האָסט דיך מיט דעם סוחר פֿאַרגליַיכט אַז ער זאָל דיר מעסטן די קיטיַי אויף דעם אַ', איז דאָך איין אַ, מער פֿון איין אייל מיט אַ האַלבּ פֿערטל..."‚ ליבּין גאָלדין בּעדג מבּאָקאַרעשט..., מלאכת מחשבֿת, בּאַרדיטשעוו [סודלקאָוו?] 1828.

אָלעפּיעק — דזוו אוליפּיק ←, 508. ,,...
אויפֿגעבּריטע גערשטן־וואַסער, אָפֿגעזיסט מיט
האָניק, אין אָ, פֿון קירשן אָדער ציטרין", איבּז.
דער אוצר פֿון געזונד און לעבּען, וואַרשע 1908
אָלעפּי'ן — דער, ־ען. (כעמיע) יעדער מין
הידראָקאַרבּאָן, וואָס האָט אין זיך אַ טייל,
געפּאָר ל][ ). אויך:
עטעלי'ן, אַלקי'ן
.
בּויט לויט דער

אַלע צײַט — אַדוו פּראַזע. אַרכ. אַלעמאָל,
-
שטענדיק. אין אַלע צײַטן. ,,זיא ווארין די
ווייַבּר פֿון עשׂו אַלי צײַט מאַכן דר צירנן יצחק
און, רבֿקה,,, ר, יעק בּר, מתּתיהו, איבּז, תּם
וישר פֿיורדא 1768. ,,אַזוי בּאלד אַלס זיך
— - — ,
הקבּ"ה האָט בּאַוויזן צו אַבֿרהם, דאָ איז אַבֿרהם
אָ, צ, אויף זײַן פּנים געפֿאַלן,,, צור, לך לך.
אַלעקסאַנדער — ← אַלכּסנדר.
אַלעקסאַנדראָווקע — די, ־ס. טײַערער
מין עפּל; זיסער ווײַסער עפּל פֿון מיטעלער
גרייס.

אַלעקסאַנדרי'ט — דער, ־ן. טײַערער
אײדלשטײן, גרין בײַ טאָגליכט, רויט־וויאָלעט בײַ
קינסטלעך ליכט [נאָמען — לכּבֿוד דעם צאַר
אַלעקסאַנדער I].
אַלעקסאַנדרי'ן — דער, ־ען. (פּראָסאָדיע)
פֿערז וואָס האַלט צוועלף טראַפֿן (זעקס אַמבּן).
י
[אָנגערופֿן לויט אַן אַלט־פֿראַנצייזישער עפּאָפּעע
וועגן אַלעקסאַנדער מוקדון.] פֿאַראַן אַ'ען אויך
מיט 18 — 14 טראַ ן. דער אַ, איז באַזונדער
צוגעפּאַסט פֿאַר העלדן־עפּאָס, טראַגעדיע און בכלל
לענגערער פּאָעמע. דוגמאָות: "כ'וואַרט אויף
איר שטיל, און טאָג ווי נאַכט באַגער איך זי, /
און ווי אַ האַרף מיט סטרונעס אָנגעצויגענע
בין איך גרייט", ייִש איבּז, ח נ. ביאַליק, '
איינציקוויַז...,, לידער און פּאָעמען, נ"י 1935.
,,איך פֿיל, איך שטײַג איצט העכער אַלץ דורך
בלינדער נאַכט צום הימל, / און פֿלאַטער מיט
דעם ניגון אום אין שטראַליקן אַקאָרד,,, רובּ,

אַלעקסאַנדריִע

מגילת רוסלאַנד, נ,,י 1960. אויך אַדי — אַ'ער
פֿערז —יזם — דער. באָמכּאַסטישער סטיל

.

פֿון דער גריכישער פּאָעזיע אין דער
אַלעקסאַנדרישער עפּאָכע (4. — 7. י״ה), בשײַכות
מיט אַ ריכטונג וואָס איז אויפֿגעקומען אין
אַלעקסאַנדריִע (. דווו).

אַלעקסאַנדר יע — גג. גרויסע האַוונשטאָט
בײַם מיטלענדישן ים אויפֿן נאָמען פֿון איר
גרינדער (332 פֿאַר אָצ) אַלעקסאַנדער מוקדון
( ). איינע פֿון די וויכטיקסטע שטעט אין
דער אַנטיקער וועלט. הײַנט גרויסער
עקספּאָרטאימפּאָרט האַוון אין עגיפּטן [— 1,517,O00
1966

אײַנוו']. „די ייִדישע אויסוואַנדערונג קיין אַ,
האָט זיך אָנגעהויבן אונטער אַלעקסאַנדערס
יורשים, ווען יהודה איז פֿאַראייניקט געוואָרן צו
עגיפּטן„, ל. האָדעס, איבז, שד II. צווישן ביידע
וועלט־מלחמות האָבן געלעבט אין אַ, 10,000
ייִדן. אין 1966 האָבן אין גאַנץ עגיפּטן געלעבט
אַן ערך 2'0O0 ייִדן. נאָך דער זעקסטאָגיקער
מלחמה איז די שטאָט 'ייִדן־ריין'. —יער,
־ינער — אײַנוואוינער פֿון אַ'. אויך אדי —
אַ'יער ייִדן.

־יש, —יניש — אדי. אַ'נישע ש ו ל —

1. שיטה פֿון די קריסטלעכע טעאָלאָגן אין
אַלעקסאַנדריִע זינט אַרום סוף 2. י״ה. 2. שיטה
פֿון דעם ייִדישן פֿילאָסאָף פֿילאָן מיט אַ פּרווו
צו שאַפֿן אַ סינטעז צווישן ייִדישקייט און
העלעניז□ס.

אַ'ניש פּ אַ פּ י ר — „... מין שווער, דיק,
ווײַס פּאַפּיר מיט אַ קרוין ווי דער
וואַסערצייכן“, ריבֿ, ייִשפּ□ XI, 2.

אַלעקסיע — די. דאָס פֿאַרלירן די פֿעאיקייט
צו לייענען (איבער אַ מוח־קראַנקייט). □רגל
אַגראַפֿיע, 31.

אַל עקרבים אַתּה יושבֿ — [על אַקראַבים
אַטאָ יוישייוו] זאַץ. תּח. <יחזקאל, ב, 6.
'צווישן סקאָרפּיאַנען טוסטו זיצן', תּי. געניצט
מיטן בּ: אַרײַנגעפֿאַלן אין דער 'אמתער,
חבֿרותא, אין אַ געזינדל רשעים, אַ כּנופֿיה
פֿאַרדאָרבענע לײַט.

אַלער —. Mhd: a11er. [ניט בּנמצא וו אַ
פֿאָי
רעם אָדער וואָרט פֿ אַ ר ז י ך אין
הײַנטצײַטיקן ייִדיש. געבליבן נאָר ווי אַן ערשטער טייל
פֿון עטלעכע אַדוו, אַדי.] 1. ארכ בייגפֿאַל
פֿון אַלע. „עשׂ איז ניט אַלר צו זאָגן“, ווינץ,

14. ,,אויף הייבּט אַליר ימים טובֿים, דוא האשׂט
דר הובּן דען פּסח“, מחזור שלש רגלים, אמשט
1713, קמו/ב.
2. קומט פֿאַר אַ סופּערלאַטיוו, צו
פֿאַרשטאַרקן. סאַמע. ,,דער אַלר אובּרשט הגמון“,
יוסיפֿון,
אַמשט 1661, רעא/2. “די אַליר בּעשׂטי דיא
אונטר זײַן תּלמידים וואַרן“, לט1, הקדמה. ,,אי
מן (בּרכו) זאָגט, אָנצינדן דיא ווייַבּר אויף דשׂ
אַליר וויניגשׂט צווייא ליכטר“, ס□ר המנהגים,
אמשט 1723, ו/א. “דר אַליר שפּלשׂטר דר
בּײַ... דר קומט... צום טאָר [= טויער]
אַרײַן זו וואול אַלז דר מלך,,, עפּש, דרך הישר
לעולס הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק כד. ,,דאָ ראובֿן

1388

איז געבּאָרן געוואָרן דאָ וואַר יעקבֿ צום אַ,
שטאַרקסטן“, צור, ויחי. [עס טרעפֿן זיך ווי
אַרכ אָדער דײַטשמעריזמען: אַ'הייליקסטער, אַ'־
העכסטער, אַ'וויייניקסטע, אַ'ליבּסטער, אַ'
קליגסטער, אַ'שטאַרקסטער אאַ] “דאַבּײַ איז אַ'העכסט
בּאַשטעטיקט געוואָרן...,,, קמ, 5 1870, No.
“אַ'ליבּסטער און סאַמע נאָענטסטער בּ□ אַלע“,

נס, די משפּדוה מאַשבֿער.
3. דזוו אַלערליי. „טאַנצן און, שפּרינגן און, אַלר שערץ“, בּראנט, פּרק בבֿ. „שווערן זיך מיט אַ, הייליקייט“, אמד, דער בּן—יחיד, ווילנע תּרל“א.
4. אַרכ. דאָס זעלבּיקע. גלײַך. “גוט יתבּרך שיקט איין ענגיל צו שאול... אין אַלר גישטאַלט אַז ווער ער איין מאַן“, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 586.
אַלעראייבּערשטער — אַדי & דער. מצ נבֿ אַרכ   עפּיטעט צום גאָט־בּאַגריף און אַ פֿאַרבּײַט פֿאַרן וואָרט גאָט. „דר אַלר איבּרשט גאָט“, מחזור שלש רגליט, אמשט 1713, קח/א.
אַלעראַרט — פּראָ. 1. אַלערליי. וואָס איז פֿון כּל־המינים. „קראָמען, אָנגעוואָרפֿן מיט אַ, בּיכלעך“, י“ז בּן אַריה, א וועלט מיט וועלטעלאך, ווילנע 1894.   2. בּכל־אופֿן. “אויף אַ, דאַרפֿן מיר איבּערזיצן אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ערטל“, ג ח. לעוונער, דעם שוחט'ס טאָכטער, ווילנע 1897.
אַ'לעראָ'רט — אדוו. ארכ.   אומעטום. “די לעפֿצן טו איך אויף דײַן וואָרט צו טרינקען

שטעטיגליך באַרייט, און זע דײַן שאָטן אַ"“,
צײַט, גל II, 'ליד אין עבֿרי־טײַטש'.
אַלערג יע — די, ־ס. <איי <גר.
איבערסענסיטיווקייט צו געוויסע שטאָפֿן,
בלומענשטויב פֿעדערן, שפּײַזן אאַ, צו באַשטימטע

,

מעדיקאַמענטן, צו פּײַכטקייט, קעלט אע, וואָס
קען אַרויסרופֿן שוועריקייטן בײַם אָטעמען,
אויסשיט אויף הויט אאַ קרענקלעכע רעאַקציעס.
,,אַ האָרמאָן וואָס ווערט פּראָדוצירט פֿון די
אַדרענאַל־דריזן ווערט געניצט ווי אַ מיטל
קעגן..., אַ'ס“, דר, י. ב. גלען, צו געזונט און
צו לעבן   ־יש — אדי. זײַן אַ, צו....
אַ'ישע ק ר אַ נ ק ײ ט ן — הייפֿיבער, אַסטמע,
אַ צאָל אויסשיטן אויף דער הויט אאַ פֿיג אַ'יש

▯

צו פֿרומקייט. אַ'לערדזשי — אַמ.
־ע'ן — דער, ־ענען.   סובסטאַנץ וואָס איז
גורם אַן אַלערגיע. ,,... עס האַנדלט זיך אין
סענסיבֿיליזירנדיקע שטאָפֿן (אַ'ענען) וואָס
באַקומען זיך אַרײַן אין אָרגאַניזם...“, פֿגעז,
פֿאַריז 8 — 6 1950, No. ־עניש — אדי. —יקער
— ווער עס לײַדט פֿון אַן אַלערגיע. ,,פֿאַר אַן
אַ, איז גענוג די קלענסטע קוואַנטיטעט פֿון דעם

אַנטיגען כּדי ער זאָל בּעתן קאָנטאַקט באַקומען
אַן אַטאַק״, דאָרטן
אַ'לערהאַ'נט — פּראָ [אין הײַנטצײַטיקן ייִדיש].
Mhd: aller־ban()o. אַלערליי, כּלערליי.
סחורה (אײַזנוואַרג, גאלאַנטעריי). א,
קראַנקייטן. אַ, אָנשיקענישן. אַ, לשונות. אַ, בּילדער.
אַ, זומער־פֿייגעלעך. ״עשׂ זײַנין צו אַנדר קומן

אַלערלייאיק

זיבּן הונדערט אלר הנט חיות״, הבּחור חנוך
בּר, צ י הירש סג״ל, איבּז, אגרת בּעלי חייס,
הענא 1718. ״די קינדר פֿון ג, שנים צו גווינן
אין חדר צו גין, מוז דר מלמד זיך... מקרבֿ
זײַן אויף אַליר הנד מאַנירין״, ר, אַבֿרהם
בּר, מאָדיל סג״ל מאיטינגין, שהיה מלמד בּק״ק
האג, מערכת אַבֿרהס פֿיורדא תּקכ,,ט. ״ער האָט
—
,
מיר געשאָנקען אַ טיכעלע פֿון אַ, קאָלאָרן,,, ל.
,,אויבּ דו האָסט געלערנט אַ, מעסטונגען און
אויסרעכענונגען״ מ. ,,איז נאָר אַ גאָרטן
,
אַצינד אונדזער װעלט, װאו ס'װאַקסן אַ, ראָזן״,

מר I. ,,דרײַ כּוידן זײַנען געווען פֿול אָנגעזעצט
מיט א, פֿארשוינען'', ממוס פֿישקע.

— — ,

אַ'יק — אדי. אַ'יקע שטימען. אַ'יקע
אײַנדרוקן. אַ'יקער אָפּפֿאַל.

אַלערהייליקייט — טיטל פֿאַר אַ הויכן
קריסטלעכן גײַסטלעכן. זײַן אַ, קאַרדינאַל....

אַלע'רט — אַדי. a1e□r□a : □ □ .. □ :aler□ .
וואַך. וואַכיק. אָנגעשפּיצט, וואָס רעאַגירט פֿלינק.
זײַן אַ, צו אַלע געפֿאַרן. שפּאַ — אַלערטאַ
— היט ןיך!

אַלער(ט)וועגן — אַדוו. e□ □ □v‾a1le :Mhd.
אַרכ. אומעטום. אַלעמאָל. ״איין גוטן אובנט
זאָל אײַך גאָט געבן הײַנט און, אַליר וועגין□
'משה רבינו בשרײַבונג', 1750? אָרט? [ח שמע
רוק, גק, No 5O].

אַלערליבשאַפֿט — די, ־ן. נעאָל. הו□כע
(העכסטע) מדרגה פֿון ליבשאַפֿט. ״צי שטייען
מיר מיט דיר ניט בײַ דעם פֿלאַץ צעווישן אַ'ן
און פֿײַנטשאַפֿט״, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע
19(□)□.

אַלערליי, — פּראָ. אינוואַריאַנט ‾Mhd: aller
□leie. כּלערליי. וואָס איז פֿון אַלע מינים. אַ,

מיני קטניות. אַ, מענטשן, חיות, געוויקסן. אַ, עסנוואַרג. אַ, קאָלירן. אַ, בשׂמים. אַ, טעמים. אַ, טעמען. אַ, עסקים. אַ, צרות. אויסטײַטשן אויף אַ, אופֿנים. אַ מאַניפֿאָרגעס. מ פּאַרטײַטשט

,

'ובכל מלאָכה, (שמות, לא, 3): ,,און, מיט אַלירליי...'' [תּי: ''יעטוועדער'']. ''פֿר אַלרלייא קדחת. זול ער ואַשׂטן [= פֿאַסטן] דען זעלבן טג...'', ,כּ''י ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17] בֿון אורגיל און, בֿון האַרפֿפֿן און,

,,...

אַלרלייא זײַטן שפּיל'', שמואל־בוך, סטראָפֿע 296. ''מיר האבן תּשובֿה גיטון מיט אלרלייא פּײַן'', ווינץ, ז, 8 פֿון אַ בחור און פֿון אַ

-

,, .

העכט מאַכט מען אַ, גערעכט,,, שוו. ,,פֿון אַ, קרענקען קען דער דאָקטער אויסהיילן, וואָס ס'איז אין מײַן האַרצן קען איך קיינעם נישט דערציילן'', פֿל. ''אַ, סאָרטן ייִדן: שיינע ייִדן, ברענעדיקע ייִדן, צעבראָכענע ייִדן,

גילדענעאָדער־ייִדן, גלאַט ייִדן, אַזוי־זיך־ייִדן און אויךמיר־ייִדן,,, ממוס, ווינטשפֿ. ״ליבּ האָבּן קען מען אויף אַ, אַרטן״, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
אַלערלייאיק — אדי. כלערלייאיק. וואָס איז פֿון אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן (אייגנשאַפֿטן, טואונגען). אַ'ע פּירות פֿלאַנצן. אַ'ע באַשעפֿענישן.

,

אַ'ע געזעצן. אַ'ע שפּילכלעך. אַ'ע מאָדעס. ״אין יעדער צײַט פֿון יאָר די ווינטן אַ'ע״, אַר, '

ווינאַלערלע'צט

טן'. ,,געזען אַזוי פֿיל פּנימער פֿון ייִדן, אַזוי פֿיל אויגן אַ'ע,,, הל. ,,מיט אַ'ע מיט־נאַכט־נעזאַנגען...,,, א. ניסענזאָן, הונדערט לידער. ,,אונטער אַ'ע לבֿושים באַגעגנט ער זײַנע
קראַנקע רעכעלעך״, באַש, דער tטן אין גאָרײַ. ־יקייט — ,,געזען אין אַן אַ, פֿון געשטאַלטן״,
ייִט, טאָג,)15 19 X.
אַלערלע'צט — אַדי & אַדוו. (וואָס איז) אין לעצטן סך־הכּל. (וואָס איז) לכּל־הפּחות. ענדגילטיק. אַ'ער באַשלוס. אַ, געווינען נאָך אַ פּראָצעס וואָס ציט זיך יאָרן־לאַנג. ,,דאָס צימער וועט אײַך קאָסטן אַ, אַ 25ער אַ חודש״, שע,

פֿון צוויי וועלטן.
אַלערע'נד — אַדוו. צום סוף. אין ענד.
,,געפֿירט גרויסע געשעפֿטן און אַ אַלץ
פֿאַר,
לאָרן". "וואָס האָט דער מענטש? ער לעבט 70
יאָר און אַ, שטאַרבט ער אַ נאַר,,, לאַט, מאַמאָן.
אַלערע'רשט — אַדי & אַדוו. (וואָס איז)
פֿריִער פֿון אַלץ (וואָס קומט) צומערשטן. ,,אַ,
דאַרף מען פֿאַרקלענערן די הוצאָות". ,,ער איז
דער אַ'ער, דז קיין אָנפֿאַנג איז צו זײַן
ערשטיקייט,,, חה, אַמשט 1716, א/ב. אַ'נס —־
אַדוו. ,,מע דאַרף אויסמײַדן באַרירונג מיט
קראַנקע... אַ'נס דאַרפֿן דערפֿון אָפּגעהיט ווערן
קינדער,,, ,אויפֿרוף וועגן טובערקולאָז', וואַרשע
.1933

אַלפּאַג􏰀ע — די, ־ס. פּפֿ: אַלפּאַקע. 1. שאָף
פֿון דער קעמל־משפּחה (לאַמאַ) פֿון דרום

אַמעריקע, ספּעצ פֿון פּערו און באָליוויע. ווערט
געהאָדעוועט אין גרויסע סטאַדעס דערעיקר

צוליבֿ איר ווייכער זײַדיקער לאַנגער וואָל.
.][ama a1]קpacos
2. וואָל פֿרן אַ אָדער דער פֿײַנער שטאָף פֿון
,
אַזאַ וואָל, אָפֿט געוועבֿט מיט זײַדנס און אַנדערע
סאָרטן וואָל. אויך: אימיטירטער אַ־שטאָף,
געמאַכט פֿון וואָל אָפּפֿאַל. גלאַנציק, לײַכט.
-

שוואַרץ אָדער טונקל־בלוי. „וואָלשטאָפֿן גלאַטע,
פֿאַסאָנירטע, אַלפֿאַקע, פֿיורלען, קאַשמיר“, קמ,
.No ,18 37
—(ע)ן — אַדי. אַן אַ'ן רעקל. „אַ מנין ייִדן...
זײַנען געזעסן אַרום טיש אין זייערע
גלאַנציקע אַ'ענע רעקלעך,„ אָפּאַ, אונטערוועלט „די
נגידישע ייִנגלעך... אין די גלאַנציקע אַ'ענע
געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך“, ייִז, די בֿרידער
אַשכּנזי. אויך: ־אָווע — אַדי. „אַ בחורל אַ
געלס... מיט אַן אַ'אָווע קאַפּאָטע“, שע, פֿונעס
יאַריד I.

אַלפּאַקע — די. בא. אויך: אַלפֿעניד. נײַזילבער, ניקל־זילבער, אַ ווײַס געשמעלץ פֿון קופֿער, ניקל און צינק. [אויסגע￼ינער — כעמיקער חלפֿן אַרום מיטן 19. י״ה.] „די טירן פֿון אָרונקודש אין אונדזער נײַער שול... האָב איך געלאָזט מאַכן פֿון אַ מעשענעם אזובֿ־רעליעף, מיט... פּאָלן־בלעטער פֿון קופּער און שטעמפּלען פֿון אַ״, ע. לעף, יובל 7 ,XIII־8.

אַלפּאַרגאַט — די, ־ן. שפּא. סאַנדאַל פֿון געפֿלאָכטענעם שפּאַגאַט. „אין איין אַ, און מיט איין שטיוול„, מ. אַלפּערסאָן. „אָנגעטאָן... מיט ברייטע באָמבאַטשעס, מיט אַ'ן...„, י. ל. דאַשעווסקי, אַמעריקאַנער, 3 1958 I.

אַלפּאַרי — דער, ־ס. <איי <איט. (סוחריש) פּרײַז פֿון סחורה אָן אַראָפּרעכענונג און אָן שום צוגאָב￼

אַלפּהדניש — [... פּאַכדאָניש] אַדי. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע פּחדנים פֿאַר

— —
,

פּחדנישקייט. אַ'ע תּירוצים. —קייט.

אַלפּינIיזם — דער, ־ען. ← אַלפּן. 1. (ספּאָרט) בערג־קלעטערײַ, ספּעצ אויף די אַלפּן. 2.

פֿאָרשונג פֿון מינעראַלן, פֿלאָרע, פֿאַונע און שטייגער לעבן אויף בערג. ־יסט — דער, ־ן.
,,מיר פֿלעגן אַרויסבאַקומען כלערליי אַ'ן־ אויסשטאַטונג:... קלעטערשיך, איַזהאַקערס (שטעקנס מיט קירקעס) און שלאָפֿזעק, אַרומגעגנייטע מיט ברעזענט,,, ר. קאָטיק איבז, סטאַך גאַנעצקי, אַריק פּאָליאַקאָוו, מיר אַפֿן פּאַמיר, מאָסקווע 1933.

אַלפּיניש — אַדי. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די אלפּן און בכלל פֿאַר אָ באַרגיקן שטח.

-

- -

אַ'ע פֿלאָרע. אַ'ער ג אָ ר ט ן — וואו דער באָדן איז באַלייגט מיט שטיינער.

אַלפּינער — סובֿ & אַדי. 1. ווער & וואָס עס האָט אַ שייַכות צו די אַלפּן. 2. ספּעצ. ווער עס איז פֿון אַן אַרמיי־אָפּטייל, געלערנט אין קריג־פֿירונג אויף באַרגיקע שטחים. אַ, ר אַ ס ע — טייל פֿון דער ווייַסער ראַסע, ברייט־קעפּיק,

האָריק, וואָס צו דעם געהערן אָ טייל
אייראָפּעער.
אַלפּלאַנעטאַריש — אַדי. וואָס נעמט אַרום
אונדזער גאַנצן פּלאַנעט. אַ'ע סכּנה פֿון אַן
אַטאָמישן קריג ־קייט.

.

אַלפּן — די. גנ. דאָס העכסטע געבערג (
באַרגקייט) אין מערבֿ־אייראָפּע. די אַ, הייבן זיך אָן
אין פֿראַנקרײַך, גייען דורך גאַנץ שווייץ און
ענדיקן זיך אין עסטרײַך. „אויף אַ, געזען די
פֿאַרנאַכטיקע פֿלאַמען און אויף די קאַרפּאַטן די
רויטקייט באַטראַכט“, סעג, איצטער, נ״י 1948.
אַ,־ג ל י — אָפּשײַן פֿון דער אונטערגייענדיקער
(אויך אויפֿגייענדיקער) זון אויף שניי פֿון די
אַלפּן און אויך אַנדערע הויכע בערג. אַ'־ב אַ ר ג.
אַ'־ק יִ ט — „איך האָב געזען ווי בענטשליכט
שימערן און צוקן אויף שנייבערג פֿון אוראַל
און אויף דער אַ,־ק'“, חג, דער מענטש פֿון
פֿײַער, נ„י 1962. אַ'־ר ו י ט — קאָליר,
ענלעך צו דעם וואָס עס באַקומט זיך בײַם אַ,־גלי.

אַל ;

־דיק — אַדי. „קענט איר די אַ'ע, האַרטע,

שטעכנדיקע אימאָרטאַלן?“, פּרץ (פֿון אַ בריוו).

אַלפּנבלום — די, ־ען. (באָטאַניק) כּוללדיקע באַצייכענונג פֿאַר אַ גרעסערער צאָל בלומען־ און רויזן־געוויקסן פֿון די הויכע בערג. וואַקסן העכער פֿון דער ליניע וואָס גרענעצט אָפּ דעם באַרגיקן וואַלד, געוויינלעך בײַם ראַנד פֿון אייביקן אײַז.][)ian▯hus a][]קinus־

אַלפּנהאָז — דזוו שנייהאָז.

אַלסנהאָרן — דער, ־ס. מוזיקאַלישער בלאַזאינסטרומענט, געמאַכט פֿון האָלץ אָדער קאָרע, געניצט פֿון פּאַסטעכער אויף די אַלפּן און אויך פֿון באַרג־קלעטערערס.

אַלפּנהונט — דער, ־הינט. באַרגהונט סענבערנאַר. צייכנט זיך אויס מיט זײַן גרויסן וואוקס און באַזונ▯ דער שאַרפֿן חוש־הריח. זײַן פֿעל איז מיט לאַנגע ראָסטרויטלעכע האָר. האָט

אַ לאַנגן האָריקן עק.
ניצלעכער
אַרויסהעלפֿער פֿונעם
באַרגאײַנוואוינער, ספּעצ בײַם אויפֿזוכן
באַרגקלעטערערס, פֿאָרבלאָנדזשעטע אין טיפֿע
באַרגשנייען.
אַלפּנפּעפֿער — דער, ־ס. זויג־חיהלע.
נאָגער אין די
אַלפּן און אַנדערע
בערג, האָט אַ
 שוואַרצלעכע
אָדער ברוינע פֿעל.
מיט זײַנע קורצע
פֿיס מיט די שטאַרקע נעגל קאָן ער גוט גראָבן
און ער מאַכט זיך אַ קליינע און טיפֿע הייל, וואו
ער שלאָפֿט אָפּ פֿון אַכט ביז צען חדשים
אין יאָר. a ()ִm[am a Oןm[aM.
אַלפּראָבלעמיש — אַדי. נעאָל, מאַטעס דײַטש
וואָס רופֿט אַרויס אַ סך פּראָבלעמען. אַן אַ'ע
סיטואַציע.
אַלפּראַכטיק — אַדי. וואָס איז פֿול מיט
פּראַכט. אינגאַנצן פּראַכטיק. אַ'ע קינדעריאָרן.
־יקייט — „דאָס וואונדערלעכע קיניגרײַך פֿון

אַ"‘‘, יעק פֿרידמאַן, די לעגענדע נח גרין.

אַלף — [אַלעף] דער & די (פֿד); ־ן. ערשטער אות פֿון אַלף־בית. ← א, 1. [אַלף האָט געטענהט אַז מע האָט אים באַעוולט דערמיט וואָס בראשית הייבט זיך אָן מיט ב; האָט הקו. שבֿרוך־הוא אים געטרייסט: מיט אַ, הייבן זיך אָן די עשׂרת־הדברות: אָנכי. ילקוט שמעוני, א, א; בראשית רבה, א, יד].

נוטריקון: אמת למד פּיך — [עמעס לאַמייד פּיכאָ] <אַלפֿא ביתא דר, עקיבֿא. 'לערן דיַין

אל

מויל (צו זאָגן) אמת'. „דער טיַטש פֿון אות אַ, איז צו לערנען„, אבֿן יע)ראָל, מעץ 1766, א/2.

אַ, קומט ווי אַ באַשטאַנדטייל אין אַ צאָל אויסדרדקן: וויַזן עמעצן אַן אַ,; ניט וויסן קיין צורת א'. פֿון אַ, ביז ת אע אָ נ ה יי ב ן פֿון

—

אַ'. „ערשט צונד אַז עס ליגט שוין אויף אים דער חלף, ערשט צונד מוז ער אָנהייבן גאָר פֿון אַ"‘‘, הירש ריַטמאַן, דער קוואַל, ווין 1863.

„א, — דער אָנהייב פֿון אַלע אָנהייבן‘‘ פֿוול

-

,

„זאָגט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע טײַערע, קמץ אַ, — אָ“, וואַר.

ה אַ ל ט ן בײַם אַ, = האַלטן בײַם אָנהייבֿ. האַלטן ז י ך בײַם אַ, = זיך האַלטן עניוותדיק, שפּלדיק. „יעדע מסכתּא פֿון ש“ס הייבֿט זיך אָן מיט דף בּ   אַ רמז אַז אַפֿילו דער

 —

גרעסטער לערנער זאָל זיך ניט גרויס האַלטן, נאָר פֿילן... אַז ער האָט נאָך... דעם סאַמע אַ, ניט געלערנט“.   וו ײַ ז ן אַן אַ, = אָנהייבֿן.

וו ײַ ז ן עמעצן אַן אַ, = לערנען שׂכל. אים דאַרף מען קיין אַ, אין סידור ניט וו ײַ ז ן = דורכגעטריבֿענער, דורכגעמאַכטער.

לאַ מיט אַן אַל = אַן אָבסאָלוטער, קאַטעגאָרישער אָפּזאָג, ניט מסבּים זײַן, זאָגן ניין [בּדי אונטערשיידן פֿון לו = אים אין לשונקודש]. „מיר שײַנט אַז אָן זיי [די מיוחסים] קאָן מען אויסקומען, און אָן אונדז [בּעלי.. מלאָכו] טאַקע לאַ מיט אַן אַ'“, קמ, 1867, No 12. „אַ סך מאָל האָסטו מיר צוגעזאָגט, און מקיים זײַן איז בּײַ דיר לאַ מיט אַן אַ'“, מאיר קאַוויאַר, משיחט צײַטן, אַדעס 1913.

ל י בּ ה אָ בּ ן אַלץ מיט אַן אַ, = ווען,
פֿאַרלאַנגען, זײַן אַ בּעלן אויף כּל־דבֿר: אַ בּולקע,
אַ ןעמל, אַ גוטן צימעס, אַ לאָקשן־קוגל וכדומה.
ל י בּ ה אָ בּ ן צוויי אַ'ן = שפּאַסיק, האָבּן צו
טאָן מיט אַן אשת־איש. ניט וו י ס ן (
קענען, מאַכן) קיין צלם פֿאַר קיין אַ, = זײַן אַן
עם־האָרץ גמור. "און דו קאָנסט, זאָלסט מיר
מוחל זײַן, ניט קיין צלם פֿאַר קיין אַ'", ייִט,
טמז, 21 X 1960. נ י ט ק ע נ ע ן קיין צורה
פֿרן אַן אַ, = זײַן שטומפּיק אויף אַ שײַטל
עבֿרי.

פֿון אַ, בּיז תיו (תיו) — <שבּת, נה/א;
ע״ודה זרה, ד/א פֿרן אָנהייבּ בּיזן סרף. "אויבּ
.
איר וועט מקיים זײַן מײַנע מצוות, וועלן מקוים
ווערן די בּרכות, וואַס ווערן אייסגערעכנט (
ויקרא, כו, 3 — 13) פֿון 'אַם בּחוקותי', בּיז ת,
'קוממיות', <ויקרא רבּה, לה, א. קויפֿן פֿון
אַ, בּיז תּ, = אײַנקויפֿן אַלץ. "צו דרוזייאנה קאַם
ער גיגאנגן און, זאָגט איר בֿון דער אַלף בּיז
אַן די תּיו", בּ״א בּוך, 285. "איינער פֿון יענע
חבֿרה־לײַט וואָס... שיטן מיט נײַסן... וויל
מען אים ניט אויסהערן פֿון אַ, בּיז תּ'", ממוס,
'צוריק אַהיים'. "ער איז אַ בּקי אין שולחן־ערוך

פֿון הלכות דריידל פֿון אַ, ביז ת'", דער לאָדזער
סוחר, באַרדיטשעוו 1910. "איך בלאָנדזשע
אַרום ווי אַ היימלאָזע שאָף... און ער האָט
'
דערציילט זיי פֿון אַ, ביז תּ'", אַל כּך, ,דער
סוד', צוק, סעפּט, 1967. "עס איז לכל־הדעות
גלײַכער צו טראַכטן... מכּוח דעם אַ, און ת,
פֿון וועלט און לעבן", צײַט, טמז, 1 1968 III.

139()

שטעלן זיך אויף[(בײַ) דעם (דער) אַ, =
א) שוין בײַם ערשטן תּנאַי (שריט) ניט נאָכגעבן.
,,זי זאָל זיך נאָר באַלד פֿון תּחילת אָן שטעלן
בײַ דער אַ, און זיך ניט לאָזן אויפֿן קאָפּ
אַרומרײַטן", עט, טערקעלע, ב) זײַן אַ מחמיר, מקפּיד
זײַן, ניט מוותּר זײַן אַפֿילו אויף אַ קוצו של
יוד, כּי הוא זה; ג) ווען דערגרונטעווען צום
סאַמע תּוך, צום שורש.
אַלפֿל — [אַלעפֿל] דאָס. פֿקפֿ געניצט מיט
בכּ: 1. קליינער אַלף. 'ויקרא, איז מיט אַן
אַלפֿל כדי דער וואָס לערנט תּורה זאָל זיך ניט
גרייסן. 2. אַ טויזנטער. פֿון געטאָ־לעבן: אַ
רמז אויף "טויזנט זלאָטעס כּאַבאַר פֿאַרן

באַפֿרײַען פֿון גיין אין אַן אַרבעט־לאַגער“, ייִשפּ
.X, 3י I

אלף1 — [ע'לעף] דער, ־ים [אַלאָפֿים]. <בּראשית,
כ, 16 אאַ. טויזנט. געניצט כּדי: א)
אַרויסצוהייבן; ב) די אַרומיקע זאָלן ניט פֿאַרשטיין;
ג) מחמת עין־הרע פֿאַרדינען אַ קאַרגן א'. כאַפּן
.
בײַם מסחר אַ קײַלעכדיקן א'. אַ גאַנצער א,
לאיחרץ־געלט. מע שאַצט אים אין די הויכע אַ'ים.
,,דאָס מסירהלע (די חתונקע) האָט אים
אָפּגעקאָסט אַן א'“. ,,און, מיר זײַן ווערסיל גמכט
על ב, אַ'ים“, ר, יום־טו ליפּמאַן העלער, כּ“י,
,מגילת איבה', 1703. ,,דער וואָס ער האָט...
אַזוי פֿיל אַ'ים קומט אים די מעלה און דער
כּבֿוד,,, נחב, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. ע שׂ ר ת
אַ'ים [אַסערעס... <שופֿטים, א, 4 אא] —
“עס פֿעלט אים ע אַ'ים צום אָרעמאַן“ פֿוול.

, ,

א, אַל יס — <דברי הימים ב, יד, 8;
אָבֿות, ו, ט. טויזנט מאָל טויזנט, אַ
מיליאָן. “... זאָגט דער יהודי... מײַן אייגנס אין
א אַ'ים גאָלד־גילדן“, יהושע רובינציק ממינסק,
,

משל וחידה, ווילנע 1865.

א, אַלפַּי־אַלפַּים — [... אַלפַּיי־...]

<נשמת כּל חי   גוזמאדיק, אָן אַ שיעור, אָן אַ צאָל. להבַדיל א אַ אַ'ים הבַדלות. אויך:

, ,

יאַלפַּי־אַלפַּיס — ,,אַ'י־אַ'ים לאָכים זענען געשטאַנען און האָבּן אַלע געשריגן 'בּרוך הבּא בּשם ה'‘‘, א קת רוכל, שקלאָוו תקע‘‘ד פֿאַר

, .

איין שילינגער צדקה ווערט מען געבּענטשט מיט אַ אַ'ים‘‘, לט, לו/א. ‘‘האָט ער געזען, דאָרטן

יזענען דאָ כּמה וכּמה אַ'י־אַ'ים... משפּחות פֿון שדים‘‘, נחבּ, 'מעשׂה מחכם'. ‘‘אַ אַ'ים

יפֿון דיא יהודים האָבּן זיי איבּערגערעדט זיי זאָלן צושטיין צו זייער אמונה‘‘, מעשׂה אומן. אַ'י־אַלפַּין — ‘‘אַזאַ צדקת, אַ יִדענע.. האָט זיך אָנגעהערט מיט אַ'י־אַ'ין סגולות‘‘, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. ‘‘די לבַנה

שפּאַ

צירט אין מיטן הימל, און אַרום איר האָבּן זיך
אויסגעשאָטן אַ'י־אַ'ין שטערן,,, שע, אידישע
ראָמאַנען. ,,... און דורכגעשפּיגלט פֿון אַ'י־אַ'ין
לויכטנדיקע שטערן", הר, אין שענסטן טאָג
פֿון האַרבּסט. אַלפֿ אָמן — טויזנט מאָל
י
אָמן. "דוד, דוא ווערשׂט בּישטין, איך העט
עשׂ ניט גיבּרוכן אַ'י אָמן,,, שמואל־בּוך,
סטראָפֿע 1253.

- - -

אַ'יס דרבּכות — [... אורוואַוואויס
(וועס)] די. <לויט בּראשית, בד, 60: אַלפֿי

אַלפֿאַוויט

רבֿבה; תּהלים, צא, 7: אלף ורבֿבה. טויזנטער
און צענדליקער טויזנטער. געניצט מיטן בּ מיט
גרויסן פֿאַרנעם, שוואונג. ,,מיר זעען אָפֿט אַ
סוחר... האַנדלט אויף אַ, ו'... און מיט
איין מאָל... האָט אַ ווינטל אַ בּלאָז געגעבּן,
און... אַראָפּגעריסן... בּײַם... סוחר...
זײַן כּבֿוד מיט זײַן גאַנצן עולם־הזה", ג. ח.

לעוונער, די באַשערטע פּאָר, ווילנע 1898.
אויך: אַ'ים א ו ן רבֿבֿות — "ער האָט
אָנגעצונדן דאָס ליכט פֿון תּורה, חסידות... אין די
הערצער פֿון אַ, און ר'", ניסן גאָרדאָן, טמז,
.II 19▯8 15
אַלפֿאַ — די, ־ס. 1. ערשטער אות פֿון
גריכישן אַלפֿאַבעט. 2. (אַסטראָנאָמיע)
גלאַנציקסטער שטערן אין אַ געשטערן, אין אַ
קאָנסטעלאַציע. פֿון אַ, ביז אָמעגאַ = פֿון א ביז ת.
פֿון אָנהייב ביזן סוף. אַ,־ש ט ר אַ ל — שטראָם
פֿון אַ'־פּאַרטיקלען. "די אַלע דרײַערליי שטראַלן,
ד אַזוי־גערופֿענע אַ'־, בעסאַ־ און גאַמאַ־
שטראַי
לן... זײַנען דאָך געבליבן אונטער איין
רובריק שטראַלונג", גוטנ. אַ'־פּ אַ ר ט י ק ל —
(פֿיזיק) פּאָזיטיוו אָנגעלאָדן טיילכל פֿון אַטאָם,
-

באַשטייט פֿון צוויי פּראָטאָנען און צוויי
נייסראָנען, וואָס ווערט אַרויסגעלאָזן בײַם
ראַדיאָאַקטיוון צעפֿאַל אָדער נוקלעאַרער שפּאַלטונג.
אַ'־א ײַ ז ן — מאַגנעטישער אַלאָטראָפּ פֿון אײַזן
וואָס בלײַבט האַרט ביז 910 גראַד צעלסיוס.
אַ'־מ ע ש — געשמעלץ ▯ון קופּער און צינק

מיט צוויי־דריטל קופּער.

אַלפֿא בּיתא דבּן־סירא — [... בּייסאָ דייבּען...] נאָמען פֿון אַ פֿאָלקס־ספֿרל, אַ זאַמלונג פֿון צוויי און צוואַנציק שפּריכווערטלעך אין אַרמיש לויטן אַ'־בּ'. נאָך יעדן שוו — אַ קורץ מעשׂהלע אין לשון־קודש לשם אילוסטראַציע [שטאַמט פֿון מיטלעלטער אוז צוגעשריבּן צו ישוע בּן־סיראָ].

אַל▯א בּיתא דר, עקי▯א — ← אותיות דר, עקיבֿא, 834.

אַלפֿאַבּע'ט — דער, ־ן. 1. גריכישער אַלף־בּית (לויט די נעמען פֿון די ערשטע צוויי אותיות). 2. סכום אותיות פֿון אַ שפּראַך, אַראַנזשירט לויט אַן איינגעשטעלטן סדר. 3. סכום צייכנס צו פֿאַרבּײַטן אותיות. טעלעגראַפֿישער, סטענאָגראַפֿישער אַ'. 4. לערנבּוך פֿון אַ שפּראַך פֿאַר אָנהייבּערס. קויפֿן דעם קינד אַן אַ'. 5. אָנהייבּ, יסוד (אות) פֿון אַ קענטעניש. דער אַ, פֿון דער שיטה. „ס'איז אויף איעדן צוגעשלאָגן מיט שפּאַן־נעגל אַ גרויסער... בּוכשטאַבּ נאָכן אַ'", יודישער קאלענדאר לשנת תּרע"ב, לעמבּערג 1911. ־יזאַציע — די. ־(יז)ירן — טרוו 1. אויסשטעלן אין סדר פֿון אַ'. 2. זאָגן אות נאָך אות.

־(יז)ירונג. ־יש — אַדי. אין אַ'ישן סדר.
אַן אַ'ישער קאַטאַלאָג —ישקייט ־ניק —

. .

דער. ווער עס קען ניט מער ווי דעם אַ';
אומוויסנדיקער.
אַלפֿאַוויט — דער, ־ן. סל. רוסישער
אַלפֿאַבעט.

אַלפֿאַלפֿע

אַלפֿאַלפֿע — די, ־ס. אויך: אַלפֿאַלפֿאַ.
<איי <שפּאַ <אַראַביש. (כּאָטאַניק) געוויקס
פֿון דער הילזן־משפּחה (למשל,
אַרבעס), קרובֿ צו פֿופֿציק
אונטערמינים. האָט בלוילעך־
פֿורפּלנע בלומען. שטאַמט פֿון די
לענדער אַרום מיטלענדישן ים.
די קערנער פֿון טייל מינים אַ,
זײַנען געווען אַ אַרבעסשפּײַז.
קולטיווירט צו פֿיטערן בהמות
[דער פֿריִערדיקער נאָמען
לוצערנע איצט אומפּאָפּולער].
אַ'־ק אַ פּ ס ל — צוגאָב צו אַ נערונג וואָס האָט
ווייניק מינעראַל־שטאָפֿן. אַ'־ג ר אָ ז.
אַלפֿאָלקיש — אַדי. וואָס נעמט אַרום דאָס

גאַנצע פֿאָלק. וואָס איז שייך צום גאַנצן פֿאָלק.
אַ'ער פֿירער. אַ'ע פּראָבלעמען. דאָס אַ'ע לעבן.
אַ'ע אינטערעסן. אַן אונטערנעמונג, גרויס און
אַ, ־קייט.

.

אַלפֿאָ'נס — דער, ־ן. ווער עס לעבט פֿון
פֿאַרדינסטן פֿון אַ גאַסנפֿרוי פֿרויען־הענדלער,
—
.

זנות־מעקלער [אויפֿן נאָמען פֿונעם העלד אין
דער פּיעסע 'מעסיע אַ'', פֿון אַלעקסאַנדער דומאַ,
זון]. ,,וואַרשעווער פֿרויען, עס לוי□ן נאָך
אײַערע שאָטנס טויזנטער אַ'ן, וואָס שפּילן מיט
אײַערע לייַבער אין לאָטעריע,,, בעמ □. ־ינע
— די פֿרוי פֿון אַ'.

אָלפֿאַק טאָריש — אדי. <איי <ל. וואָס
האָט אַ שײַכות צום חוש־הריח. אָ'ער נערוו.
־ציע — חוש־הריח. פֿונקציע וואָס
נאָרמאַליזירט דעם חוש־הריח. ־טאָמעטריע —
די. מיטל אָדער מכשיר צו מעסטן די
שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט פֿונעם חוש־הריח.

אַלפֿאַרבאַנדיש — אַדי. סאָוו. וואָס נעמט
אַרום (שייך צו) דעם גאַנצן פֿאַרבאַנד. אַן אַ'ע
באַראָטונג, פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ אע ־קייט.

.

אַלפֿאַרט — אַדוו. על. שטענדיק, תּמיד. „אַ
ייִד בלײַבט אַ אַ ייִד“.

,
אַלפֿאַרניכטונג — די, ־ען פֿולקומע
פֿאַר.
ניכטונג, אויסראָטונג. „קוים וואָס מיר אַליין
געלינגט פֿון אַ, אָפּצוראַטעווען... דאָס סאַמע
לעצטע וואָרט“, הל, „כ'וויל דערקענען מײַנע
שוויַיגנדיקע ליפּן„.
אַלף־בית — [אַלעף־בייס] דער, ־ן. פּפֿ:
אַלפֿבית. <שיר השירים רבה, א, ז: אַלפֿא
ביתא. די אותיות פֿון לשון־קודש, פֿון ייִדיש
און אַנדערע לשונות פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אַן
אײַנגעשטעלטן סדר. באַשטייט פֿון 22
גרונטאותיות, וואָס איטלעכער האָט אַ נומערישן
ווערט: א — 1, ב — 2, ג — 3, ד — 4, ה — 5,
ו — ▯, ז — 7, ח — 8, ט —9, י — 10, כ — 20,
ל — 30, מ — 40, נ — 50, ס — 60, ע — 70,
פּ — 80, צ — 90, ק — 100, ר — 200, ש — 0▯3,
תּ — 400; עס קומען נאָך צו ▯ינף סוף־אותיות:
ך — 500, ם — 600, ן —700, ף — ▯00, ץ —
.900

אין יידישן אַ־בּ, קומען צו די אונטערשיידן:

1391

א, אַ — אָ, בּ — בֿ, כּ — כ, פּ — פֿ, ש — שׂ,
תּ — ת; עס קומען אויך צו די קאָמבּינאַציעס
פֿון וו, וי, יי, ײַ, זש, טש, שטש.
„דער ערשט לימוד איז אַ־בּ, און, תּפֿילה,
דער נאָך חומש“, אבֿן יִtראל, מעץ 1766. „אַזו
בּאַלד אַז דאשׂ קינד אַ־בּ, קאַן מיט אַלי נקודות
און בּדקדוק איבּרלייאנט, דען זאַל מן מיט אים
שלמויזן אין דער תּפֿילה“, לט1, קנב/א.
„... יוסף לעבּ ער לערנט אלבּיז [= אַלף־בּית].
איך הוף [= האָף] ער ווערט וואַל בּשטין„
[= מצליח זײַן], פּראָגבּ. „קינד,... אַ
קאָראָמיסלע מיט צוויי עמערלעך — אַלף; אַ
שטיבּעלע מיט אַן אָפֿענער טיר — בּית“, י)ראָל
רוחמוסקי, זכרונות פֿון מײַן לעבּן, פּאַריז
1930. „[דער רבּי אָדער די רבּיצין] פֿלעגט
אָנשרייַבּן מיט אַ בּלײַפֿעדער אינעם קינדס
העפֿט... דעם אַ־בּ', און דער תּלמיד פֿלעגט
די אותיות איבּערגיין מיט טינט“, יש. “אויפֿן
פֿריפּעטשיק — צי בּרענט נאָך אַ פֿײַערל,

אָדער דאָרט שדישע אויגן אין חורבֿה אַשן

-

בּרענען? וואו איז דער רבּי מיטן אַ'־בּ'? די קינדערלעך — וואו זענען?“, מ. ח. ליכטשטיין, אונזער וואָרט פּאַריז, 1 XI 1967.

שטיפּעריש: אַ'־בּ, = איר אָרעמע בּחורים, גנבֿים, דלפֿנים, הולטײַעס, הינט וואָס (איר) זײַט! חזירים, טרייפֿנ אַקעס, יונגאַטשעס, כּניאָי

קעס, לײַדאַקעס, ממזרים, נאַשערס, סמאַרקאַטשעס, עכּבּרושים — פּאַפּיראָסן, ציגאַרן קענט (איר) רייכערן? שיינע תּלמידים! און אַנדערע וואַריאַציעס.

אָ נ ה יי ב ן פֿון אַ'־בּ, = א) מאַכן אַ התחלה; בּ) איבּערחזרן. דזוו אָנהייבן פֿון אַלף. ל ו י ט ן אַ,־בּ', נאָכן אַ'־בּ, נ אָ ך = אויסשטעלן לויטן סדר פֿון אַ'־בּ, [נעמען, ווערטער אין ווערטערבּוך, אין אַ תּפֿילה, פּזמון, פּיוט, זמר, מזמור, וואו דאָס ערשטע אות פֿון יעדן פֿערז, סטראָפֿע הייבּט זיך אָן מיט אַ כּסדרדיקן אות פֿון אַ,־בּ'].
אין יידישע בּריוו פֿלעגט מען די טעג אָנרופֿן: יום א', יום ב, אאַזוו. צ יי ל ן לויטן, על־פּי אַ'־בּ, (בּײַם אײַנבּינדן ציצית). ש פּ יל ן (מיט) אַ'־בּ, —

אַ דוגמא: א   אַבֿרהמלע, בּ, — בּערעלע, ג, —
—

געגנבֿעט, ד, — (בּײַ) דודן, ה, — העקעלע,
וו — וואָסערע? ז, — אַ זילבּערנע, ח, — כאַפּט
אים, ט, — טאַפּט אים, י, — יאָגט אים, כ, —
כמאַליעט אים, ל, — לייגט אים, מ, — ממיתט
אים, נ, — נעמט אים, ס, — סמט אים, ע, —
עקט אים, פּ, ־. פֿײַניקט אים, צ, — צופּט
אים, ק, — קוילעט אים, ר, — רײַסט אים,
שׂ, — שמײַסט אים, תּ, — אין תּחת.   אַ'־בּ'־
א מ ת — [ע'מעס] אָנגענומענער, קלאָר פֿאַר
יעדערן, וואָס מע קאָן אים ניט אָפּפֿרעגן.
אַ'־בּ'־בּוך (בּיכל) — 1. רעגיסטער,
רשימה, פּנקס אין וועלכן עס זײַנען לויטן אַ'־בּ,
פֿאַרצייכנט מיטגלידער פֿון אַ חבֿרה, שול
וכּדומה. „דער שמשׂ האָט בּאַלד נאָך איין אַ,־בּ'־בּ,
גע[ונען די שורה און דעם נומער פֿון די
גרעבּער פֿון אונדזער פֿאָטער און מוטער“, קמ,
2   .48 1869, No. לערנבּיכל פֿאַר אָנהייבּערס.
אַן אָנפֿאַנגער.   אַ'־בּ'־ט אָ וו ל — אַ לוח מיט
אָפּגעדרוקטע אָדער אויפֿגעשריבּענע גרויסע

אַלף[בּ ת

אותיות וואָס מע ניצט אין חדר (שול). אַ־בּ'־ ט י ש — „די צוויי לאַנגע טישן אין חדר האָבּן געהאַט בּאַזונדערע נעמען: דער אַ־בּ'־ט, און דער 'ע□ברי־טיש'„, פּנחס רודאָי, טמז, 1965 14 XI. אַ־בּ'־ייִ נ ג ל — וואָס לערנט אַ־בּ'. אַ־בּ'־כּ ל ל — [... קלאַל] עלעמענטאַרער, יסודותדיקער.

אַ־בּ'־מ י ס ט י ק — סודות, בּאַהאַלטענע רמזים אין די אותיות פֿון אַ־בּ', וואָס מע קאָן דערגיין דורך צירופֿים, תּמורות און נוטריקונס, זוהר, דבֿרים, כח, 15. לויט בּעלי־דרוש און מקובּלים איז יעדער אות אין אַ־בּ, אָנגעלאָדן מיט פֿאַרשיידענע גראַדן פֿון רוחניות און קדושה, איז אויך געווען אינסטרומע□טאַל אין קאָסמאָגאָנישן פּראָצעס, און שפּילט אַ מיסטישע ראָלע אין אוניווערס. די בּעלי־סוד זען אין גראַפֿישן בּוי פֿון יעדן אות אין אַ־בּ, חידושים און הלכות [„מלמד שיש לדרוש על כל קוץ וקוץ תּילי־תילים של הלכות“, עירובין, כא/ב]. אין די קבּלה־ס□רים וועט אַפֿילו די גאולה לעתיד לבֿוא ווערן בּאַווירקט דורך איבּערשטעלן די אותיות פֿון אַ־בּ, אויף אַ מיסטישן אופֿן. ר,

יום־טובֿ ליפּמאַן... מיינט אַז ווען משיח ווועט קומען וועט דער אַ־בּ, זײַן אויסגעסדרט פֿאַרקערט: תשרק, צפֿעס, נמלך, יטחז, והדגבא", אליהו ליפּינע , איק, פּסח תּשכ,,ד.

אַ,־בּ'־מ ל מ ד. אַ,־בּ'־ס י מ נ י ם — קאָמבּינאַציע פֿון צייכנס, וואָס מע מאַכט מיט דער האַנט אָדער מיט ביידע הענט אין פֿאָרעם פֿון אותיות, כּדי איבערצוגעבן ידיעות אויף אַ שטח, ווען מע דערהערט ניט קיין קלאַנג. אַ'־בּ'־ק י נ ד ע ר — "מײַדאַנעק, גאָט איז דאָס גרויע כּשרע אַש פֿון אונדזערע אַ'־בּ,־קינדער און ...
געבוירענע עופֿעלעך,,, בעריש ווײַנשטיין, ' מײַדאַנעק, גאָט'. אַ'־בּ'־ק ל ע צ ל ע ך — הילצערנע באַלקעס, סלופּקעלעך מיט די אותיות פֿון אַ־בּ'. (משפּחה מיט) אַ'־בּ'־ר בּ נ י ם — וואָסער אות פֿון אַ־בּ, מע זאָל ניט אָנכאַפּן, איז פֿאַראַן אַ רבֿ וואָס זײַן נאָמען הייבּט זיך אָן מיט דעם. "סאַמע גאונים, למדנים מיט אַ'־בּ'־ר',,, פּרץ, ,מאָניש'. אַ־בּ,־ר ש י מ ה — רעגיסטער לויטן אַ־בּ'. אַ'־בּ'־ש ו ל — ,,מיר ווילן אַ ייִדישע אַ'־בּ'־שול", פּרץ, 'צײַטן און זייערע וויצן'.

אַ כ ט אַ־בּ'ן — <בּרכות, ד/ב: נאָמען פֿון

קאַפּיטל תהלים, קיט, 'אשרי תמימי־דרך, [
צוזאַמענגעשטעלט פֿון 176 פּסוקים אײַנגעטיילט
אין צוויי און צוואַנציק טיילן (בּהסכּם מיט די
22 אותיות פֿון אַ,־בּ') צו אַכט פֿסוקים וואָס
הייבן זיך אָן מיט דעם זעלביקן אות.
גלייבעניש: ד אַכט אַ'־בּ'ן אַ סגולה צו פּרנסה].
י —

,,יעדער איינציקער פֿון די... לערנערס זאָל
פֿאַר זיך פֿאַרענדיקן דעם קאַפּיטל פֿון ד אַכט
י -

אַ'־בּ'ן“, תּניא, קסג.
אַ', בּ', ג י מ ל — ,,מאַך זי [די מצה] קליין
און, דין און שטופּל קיין גימל דרין, און טראָג
ניט דיא מצות צום אובֿן [= אויוון] אונטר דעם
בּלוזין [= בּלויזן] הימל, און, די מצות צייכן
וו אַ', בּ', גימל“ ה.
י

אַ,, בּ', ג י מ ל , ד ל ת — אמת — בּרכה.

אַל־בּיתדיק

גניבֿה — דלות. [צוויי סוחרים האָבן געמאַכט
שותּפֿות. שרײַבט איינער אָן אויף אַ פּאַפּירל,
א, ב, ג, ד,, חתמעט זײַן נאָמען און פֿאַרלאַנגט

אַז אויך דער צווייטער זאָל אונטערשרײַבן, דערבײַ דערקלערט ער אים: א, — אויב ס'וועט זײַן בײַ אונדז אמת, אַחדות, איז ב — וועט זײַן ברכה; ג, — אויב אָבער גזילה, גניבֿה, איז ד, — דלות.]

אַלף[־בּיתדיק — אַדי. פֿפֿ: אַ־בּיתיק.

1. עלעמענטאַר, רודימענטאַר, פּרימיטיוו. „פּרוּוון מיר פֿאָרמולירן אונדזערע השקפֿות, קומען זיי אַרויס אייבערפֿלעכלעך, ווײַל פֿון איין זײַט זײַנען זיי גאָר... אַ־בּ'דיקע פֿון דער אַנדער,

ער זײַט אָבער קאָמפּליצירטע שיטות, הצריכים עיון", ימ, נײַס, 1923. 2. לויטן סדר פֿון אַ,־בּ', סיסטעמאַטיש.

אַלף־בּיתניק — דער, ־עס. וונ ־ניצע, ־ס.

1. לערנבּיכל פֿאַר אָנהייבערס. 2. דרדקימלמד וואָס לערנט מיט תּלמידים דעם אַ־בּ'.

3. אַ קינד וואָס הייבט אָן צו לערנען דעם אַ־בּ,.

אַלף־דלת — [... דאַלעט] דער. די ערשטע צוויי אותיות פֿון שם (= גאָטס נאָמען): אדני (← אַדושם, 37) מיט וועלכע מע פֿלעגט אַמאָל באַשווערן עמעצן כּדי אים צווינגען זיך מודה צו זײַן אָדער עפּעס אויסצוזאָגן. „אויב ער,

דער געקריוודעטער, זאָגט צו די עדות: איך
באַשווער אײַך בײַ דעם אַ'־ד, הייסט עס אַ
שבֿועה, און די עדות זײַנען חייבֿ,, [= מחויבֿ
עדות צו זאָגן], פּיעט, שבֿועות, ד, יג.

אלף השישי — [עלעף האַשישי] דער. <זוהר □
וירא, 'בסוד קץ הגאולה'; < בעל הטורים,
בראשית, לבֿ, 5. 1. זעקסטער יאָרטויזנט;
6. מילעניום [לויט בריאת־העולם; די
בעליקבלה זעען אין איבעריקן 'ו, פֿון 'וזכרתי את
בריתי יעקובֿ, (ויקרא, כו, 42 — 'כ'וועל זיך
דערמאָנען אָן מײַן בונד מיט יעקבֿן') אַ רמז
אויף דעם זעקסטן יאָרטויזנט און אויף דעם
זעקסטן יאָרהונדערט; דעמאָלט וועלן אויסברעכן
מלחמות, די אומות־העולם וועלן זיך פֿאַרמעסטן
צו פֿאַרטיליקן די ייִדן. די בני־ישמעאל וועלן
רופֿן אַלע פֿעלקער זיי זאָלן זיך צונויפֿקומען
אין ירושלים. אין יענע יאָרן וועט זיך אָנהייבן
די גאולה]. געניצט מיט בבֿ: 1. אין דער
ווײַטער צוקונפֿט. ‘‘וואָס נאָכן א, ה, וועט זײַן —
זאָל גאָט זאָרגן“, שוו. ,,זײַן וועלט שטייט שטאָל
און אײַזן, און זי וועט אַזוי שטיין ביז א, ה',,,
פּרץ, 'פּורים־שפּילער'. 2. העט ווײַט, ערגעץ
אין אַ זײַט פֿאַרקריכן פֿאַרפֿירן פֿאַרפֿאָרן אין

-

(ביזן) א, ה'. ,,געוויס קענסטו פֿאַרקריכן אין
א, ה אַרײַן,,, ליבּין גאלדין בּערג, מלאכת
מח,

ש ת, בּאַרדיטשעוו תקפ"ח. "ווי ווײַט ער [דער
אַפּיקורס] איז שוין פֿאַרקראָכן אין א, ה'", דער
יודישער פֿאַר פסח, וואַרשע 1881. ,,איך ווייס
ניט... וואָס נאָך איך וועל זײַן? אַ רויך וואָס
די ווינטן פֿאַרטראָגן אין א, ה אַרײַן", הר,

,

פֿאַרנאַכמ.

.

1392

אַלפֿילאַריע — די, ־ס. <שפּאַ. (בּאָטאַניק)
מין גראָז פֿון געראַניום־פֿאַמיליע, שפּײַז פֿאַר
בּהמות.

אַלפֿיע — די, ־ס. א"י פֿיר־ליטערדיקע
גלע

זערנע כּלי, געוויינטלעך פֿאַר ווײַן. „אַ'ס מיט
טרינקוואַסער„, ש. שמעוני, אָנגעגליטע ערד,
תּ"אָ 1970.
אָלפֿיש — דער, ־ן, מצ ווי אצ. אויך אַל, קורלאַנד,
לר. טרייפֿער פֿיש אָן קאָנטיקע שופּן, אָן
זײַטיקע פֿלוספֿעדערן. איז שמאָל און לאַנג און
ענלעך אויף אַ שלאַנג. די
לענג קען דערגיין בּיז אַ
זעקס פֿוס. דאָס פֿלייש איז
זייער פֿעט. לעבּט אין
אָזערעס, טײַכן און ימען.
"דער אָ, איז טונקל קאָלירט. האַלט זיך אויף
אויפֿן גרונט. אין האַרבּסט לאָזן זיך די
דערוואַקסענע אָ אַראָפּ פֿון די טײַכן אין ים אַרײַן
,

-
-

און וואַרפֿן רויגן. אין פֿרי־יאָר הייבּן זיך אויף
די יונגע אָ'ן צוריק פֿון ים אין די טײַכן אַרײַן„,

דר, איסעל איבֿז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע
.An□uilla]□st□ata.1924
אלף למטה — [עלעף ליימאַטע] דער. >
במדבר, לא, 4 אאַ. 'צו טויזנט פֿון אַ שבֿט,, תּי.
[דאָרטן רעדט זיך אַז משה זאָל באַוואָפֿענען
טויזנט מאַן פֿון יעדן שבֿט און גיין מלחמה
האַלטן מיט מדין; אין לשון־קודש האָט 'מטה,
צוויי באַטײַטן: 1. שבֿט. 2. שטעקן.]
שפּאַסיק: אַ טויזנטער אַ פֿלאָקן (אַ דראָנג). ,,יעדער
פֿלאָקן [= חתן] וויל הײַנט א, ל'" [= אַ
טויזנטער נדן] פֿוול.

א'(־)מהילות — [... מעכילעס] טויזנט
מחילות. בײַם אַנטשולדיקן זיך ווען מע ניצט
אַ גראָבֿ אָדער אַפֿילו אומאיידל וואָרט, אָדער
צו פֿאַרבײַטן דאָס גראָבֿע וואָרט וואָס מע ברענגט
ניט אַרויס פֿון מויל. ,,ער גייט מיטן נאַקעטן
א'־מ, אין דרויסן,,. ,,מע האָט אים
אַרײַנגעצימבלט אין א'־מ'". ,,מ'האָט... [אים]
אַוועקגעלייגט אַ נאַקעטן און איטלעכער האָט אים
דערלאַנגט אַ פֿליאַסק אין א'־מ,", פּ. רודאָי,
טמז, 22 1□19 I.
א, פּעמים — [... פּייאָמים] >דבֿרים,
א, 11. טויזנט מאָל. אָנזאָגן, איבערחזרן,

אײַנטענהן אע א, פּ'.

א, שניס — [... שאָנים] <תּהלים, צ, 4.
טויזנט יאָר. גאָטס טאָג איז א, ש'. ['א, ש,
בעיניך כיום אתמול'.]

אַלפֿסי — [אַלפֿאַסי] יצחק ב,,ר יעקבֿ הכּהן
(1013 — 1103). באַרימטער פּוסק. געבוירן אין
פֿעס (פֿעץ), צפֿון אַפֿריקע, באַקאַנט אונטערן

-

נאָמען ר י ף [= ר, יצחק פֿאַסי] אָדער אַ ל פֿ ס.
זײַן אויטאָריטאַטיווער ספֿר הלכות גיט איבער
דעם תּמצית פֿון תּלמוד בבֿלי אָן די
שקלאוטריאס. יוסף קאַרו, דער בעל־'שולחן־ערוך,,
איז זיך סומך אויפֿן ריף. ,,פֿאַרוואָס האָט ער
אַפֿילו ניט געוואָלט אויסהערן מײַנע ספֿקות?
אַ זאָג געטאָן ,כּשר!, און איין וואָרט ניט מער?
ווער איז ער וואָס ער רעדט אַזוי בקיצור, דער
אַלפֿס?“, חג, צמח אַטלאַס

אַל [ ]

אַלפֿע — די. בא. <איי
<פֿר. (באָטאַניק) אַ
גראָזגעוויקס פֿון צפֿון אַפֿריקע

-

און דרום־שפּאַניע. ווערט
געניצט פֿאַר דער
אויסאַרבעטונג פֿון ראָגאָזשעס און
אין דער פֿאַבריקאַציע פֿון אַ
בעסערן סאָרט פּאַפּיר. אַ,־
פּאַפּיר.
אַלפֿעלקער ▯ לעך, ־ש — אַדי. וואָס איז שייך
צו (נעמט אַרום) אַלע פֿעלקער. „אַ פּראָבלעם
איז דאָס אַן אַלגעמיינע, אַן אַ'שע, אַן
אומעטומיקע“, ימ, קוד, 1938. „גאָט היט אויך דאָס
▯ פֿאָלק ישׂראל, עס זאָל ניט אויפֿהערן צו זײַן
אַ קרבן־רייצונג פֿאַר דער אַ'לעכער
מאַרטירקייט“, הל, צוק, 1955.
אַלפֿרידלעך — אַדי. וואָס איז אינגאַנצן (פֿון
אַלע אַספּעקטן) פֿרידלעך. אַ'ע כּוונות. „לאָמיר
מיט מײַנע אַ'ע פּלאַכן צוריק זײַן אַ זאַך צווישן
רואיקע זאַכן“, הל, 'קינס שטיין,, אַ בלאַט
אויף אַן עפּלבויס.
אַלץ — <אַלעס. פּראָ. 1. אַלצדינג. סכום
פֿון אַלע זאַכן (ענינים, אידייען, באַגריפֿן) וואָס
מע האָט אין זינען. טאָן אַ, אַליין. צונעמען אַ',
קיין זאַך ניט איבערלאָזן. אַרײַנפּאַקן אַ, וואָס
מע דאַרף מיטנעמען. שוין אַ, אויסדערציילט.
אַ, וואָס ער האָט געלערנט. אַ, האָט

אויפֿגעלעבט. ס'איז אַ, כּדאַי. אַ, דאַרף מען פּרוּוון (פֿראָבירן). אבֿ, שמות דבֿריס פֿאַרטײַטשט
,
כּל — אַלז. ,,אַ, אינאײנעם איז ניטאָ בײַ קײנעם"; "אַ, איז בײַ ייִדן צו װײניק, נאָר שׂכל האָט איטלעכער גענוג,,; "כּל־זמן מע לעבט איז אַ, צו װײניק (װיל מען אַ, האָבן)". פֿאַר געלט
,,
באַקומט מען אַ', נאָר ניט טאַטע־מאַמע (נאָר קײן שׂכל ניט)"; ,,ניט אַ, איז גאָלד װאָס גלאַנצט"; ,,אין דער װעלט קען אַ, טרעפֿן,,; ,,אין דעם שלאָף גײט אַ, אַװעק"; ,,װאָס אַ ייִד קען אַ, אױסשטײן!"; ,,צרות לערנען אַ, אױס,,; "גליק און אומגליק — אַ, קומט אומגעריכט";
,,אַז דער סוף איז גוט איז אַ, גוט"; ,,װאָס עס קאָכט זיך פֿריִער אין טאָפּ — קומט אַ, אױפֿן טעלער" [קריגערײַען, אינטריגעס קומען צום סוף אַרױס פֿאַר אַלעמען]; ,,געלט
— פֿאַרלאָרן הײסט ניקס פֿאַרלאָרן, נשמה פֿאַרלאָרן — אַ, פֿאַרלאָרן", מײַ; ,,װען אַ, איז באַטראַכט, קומט דער ניט־גוטער און לאַכט", שװ. ,,אַ, איז שױן געװען צוגעגרײט, די שײנע מוזיק נאָר צו הערן" פֿל. "ער איז קראַנק אױפֿן (ה)אַלדז —
,

ער וויל אַ',,, פֿוול [וואו מע רעדט ניט אַרויס
קיין ה: אַלדז = אַלץ]. ,,געוועזן אַ,: אי תּורה,
אי סחורה, אי געפּוצטע שטיוול“, פֿוול [= אי
געלערנט, אי אַרמעגלעך, אי לײַטיש, הכּלל
מיט אַלע מעלות]. ,,אַ, אויף מיר — אַ גוט יאָר
אויך אויף מיר“ פֿוול [ווען מע וואַרפֿט עמעצן
,
פֿאָר פֿאַרשיידענע עוולות, איז עס זײַן ענטפֿער].
אַ מאַך טאָן אויף אַ, מיט דער האַנט = וואָס

עס וועט זײַן — זאָל זײַן; זיך ניט
אינטערעסירן מער. *זײַן גרייט אויף אַ, = אויך אויף
סכּנות, אײַנצושטעלן אַ'. *בײַ אים איז אַ,

אַלץ

גאָרנישט = האָט ניט קיין ווערט. *מאַכן אַ
צימעס פֿון אַ, פֿון יעדער קלייניקייט מאַכן

אַ וויכטיקן ענין. אַ, וואָס אין דער קאָרט =
.
א) מיט אַלע חסרונות. אַ ליגנער, אַ
שווינדלער; ב) מיט כּלערליי פּאַסירונגען אין לעבן.

אַ, הייסט געלעבט! = איר וועגן אַ שווער,

אָרעם לעבן. אַ, הייסט גערעדט (געשפּילט
.
אא) = מיט התפּעלות. *אַ, אין דער וועלט = גוזמאדיק. האָבן, קענען, וועלן אאזוו אַ, אין דער וועלט. *זײַן בײַ עמעצן אַ, (אין דער וועלט) = זײַן זייער טײַער, ליב, חשוב אע
*ג י כ ע ר ווי אַ, איז עס... = אין דער
ערשטער ריי, ראשי כל איז עס. מ ע ר פֿאַר אַ'. ב ע ס ע ר פֿאַר אַ'. *ס'איז נ י ט אַ, = מע דאַרף זיך רעכענען אויך מיט נאָך זאַכן, אומשטאַנדן, סיבות אאַזוו. אַ, אין ראָנדעליק = פּעיאָ, אַ,
.

אין קאָפּ.
"ריד צו זיי אלז וואשׂ איך גיבּיט דיר",
שעריר, א, 17. „מן נעמט אים אונטערוועגן אַלז אַוועק", פּראָגב, 39. „וואו איז דז אַלע) אַהין גיקומן", לט 1, מב/ב. „נח האָט געטאָן אַזוי וו אַ, וואָס גאָט האָט אים כאַפֿוילן", צור,
י
בּראשית פֿאַר גבירים פּאַסט א'; כּבוד, גבאָות
— — — „ .

— אַז זיי קענען נאָר קלינגען מיטן ביסעלע
מעות“, יצחק ראַבינאָוויץ (אויס קאָוונע), צוויי
פּאַטריאָטישע שירים, נ"י תר„ן. „נאַריש,
נאַריש, אַ, איז אייטל„, פּרץ, בײַנאכט אויפֿן אַלטן
מאַרק. "פֿאָעט, דו ביסט אַ קעניג, די גאַנצע
וועלט — דײַן לאַנד, און אַ, איז
אונטערטעניק צום צייכן פֿון דײַן האַנט“, מל.
2. אַדוו. כסדר. נאָכאַנאַנד. די גאַנצע צײַט.
שוין אַ לענגערע צײַט. האַלטן אַ, אין טאָן
עפּעס. אַ, לאַכן (וויינען). בײַ זיי איז אַ, איין
יום־טובֿ. „וואָס אַנטלויפֿסטו אַ, פֿון מיר?“.
"עס טוט אים ניט וויי, נאָר ער קלאָגט זיך א'“.
„ווער עס קלײַבט אַ, איבער ווערט ניט קליגער“,
שוו. „ער קלײַבט אַ, שפּענדלעך און דערזעט
ניט די רענדלעך“, פֿוול [וועגן עמעצן וואָס יאָגט
זיך נאָך אַ גראָשן און זעט ניט די מעגלעכקייט
גוט צו פֿאַרדינען].
נ אָ ך אַ, — ווײַזט אַז די טואונג (דער מצבֿ)
ציט זיך אַ לענגערע צײַט און געדויערט נאָך.
האָבן נ אַ, אין זינען נאַרישקייטן (דעם
דורכ,
פֿאַל, דעם דערפֿאָלג, זײַן געליבטע). נ אַ, דינען
,

-

אין דער אַרמיי. ער איז נ, אַ, בײַ זיי אַ יחסן
(דער שוואַרצאַפּל פֿון אויג אע). איר זײַט נ,
אַ אַ פֿרא אָדם. "צו דער חופּה מיט גליק מיך

-

,

צו פֿירן פֿלעגן זיי נ אַ, וועלן,, פּל. ,,איך

, ,

האָב... די מלאָכה גאַנץ ווייניק געלערנט.
איך וואַר נ, אַ, אומגעשיקט", אמד, דער
פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע תּרל"ח. ,,אַרבעטער זײַנען
געווען אונטערגעצאָלט און זײַנען נ, אַ,
אונטערגעצאָלט", פֿאָר, 14 1966 I. ,,ייִדיש איז נ, אַ,
דינאַמיש, שעפֿעריש, אַפֿילו אין עבֿרית", אפֿא,
טמז, 5 1964 X. מיט דעם זעלביקן ב אויך
אָן נ אָ ד. אַ אַ קבצן! אַ, פֿאַרבײַ = נאָך

,

אַלץ אין אַ קריטישן צושטאַנד.
3. אדוו. קומט פֿאַר אַן אדי (אדוו) צו
פֿאַרשטאַרקן זײַן ב. דער טאַנץ ווערט אַ,
לעבעדיקער, רוישיקער, ווילדער. ער ווערט אַ,

קער. וואָס עלטער — אַ, וויכטיקער (שוואַכער .

„וואָס שפּעטער די זון גייט אויף, איז דער טאָג אַ, העלער“, שנו. „די וועגט צעוואַקסן זיך, די שאָטנס אַ, פּעטער, מגושמדיקער און אומ־----

געלומפּערטער“, ייִז, 'קלעפּיק,. „הינטער זיי, אַ, מער און מער, דרייט זיך אַ, מיט פּיס אין בלוט“, מלה, אין ניו־יאָרק. *מיר איז אַ,

ג ל ײַ ך = ניט פֿאַראינטערעסירט, ניטאָ קיין אונטערשייד. *ס'איז אַ, גלײַך = ניטאָ קיין חילוק, קיין אונטערשייד. „שבת אונ, וואָך אַלז גלײַך: איין ראָק, איין הוט...“, אַשכּנז

4. אַדוו. פֿאָרט, דאָך. סוף־כּל־סוף. ווי אַן ענד־רעזולטאַט. ס'איז אַ, בעסער ויי גאָרניט. דאָס איז אַ, ניט קיין פֿאַרגלײַך מיט.... „לאַנג געבאָרגט איז אַ, ניט געשענקט“, שוו. “ווײַל איך האָב זעקש קינדר, דא ווערט דער מאַן אלםt בײַא מיר איבר הערבריגן“, צאינה, ויצא. „ווען דו [יצר־הרע] ווילסט קיין שלום מיט מיר ניט מאַכן... ועסטו אַ אַ נאַר בלייַבן„, ישרי לבֿ,

,

ווילנע 1867, מג/א. „איך קאָן נאָך אײַנשלינגען אַ עטלעכע פּאָר יאָרן און אַ, נישט ווערן איבערזאַט„, דפּ.

5. סיווי. אַלצאיינס. „לאָמיר די נאַכט אַ
הוליע טאָן — אַ, איין קבצן“. „כ'וועל אויפֿמאָנען
פֿון אים ביזן לעצטן גראָשן אַ, איין '
בלוט ----

זויגער'“.
אַלץ־ — ערשטער טייל פֿון אַ צאָל אַדיעקטיוון,
ספּעצ אין פֿאַרבינדונג מיט גערונדיוון. דוגמאָות:
אַ'־אַנטבלויזנדיק אַ'־דערציילנדיק
אַ'־אַרײַנכאַפּנ־ אַ'—ווײַזנדיק
דיק אַ'־ווייסנדיק
אַ'־אַרומכאַפּנדיק אַ'־זאָגנדיק
אַ'־אַרומנעמיק אַ'—זעענדיק
אַ'—אַרומנעמענ־ אַ'־השבונדיק
דיק אַ'־טויגנדיק
אַ'—באַטראַכטנ־ אַ'—בוללדיק
דיק אַ'־פֿאַרגעבנדיק
אַ'־באַנעמענדיק אַ'־פֿאַרמאָגנדיק
אַ'־געבנדיק אַ'־
פֿאַרנעמענאַ'־דורכדרינגיק דיק
אַ'־דורכדרינ־ אַ'־
פֿאַרשטייגענדיק ענדיק
אַלצאיי'ן — אַדי. וואָס איז אינגאַנצן גלײַך,
וואָס איז דאָס זעלביקע, וואָס חזרט זיך איבער

פּונקט ווי פֿריִער. אַ פּאָר שטיקלעך פּאַפּיר פֿון
אַ'ער לענג און בּרייט. ווענט מיט אַ'ע קאָלירן.
אַ'ע טעלערלעך. אַ'ע קלאַנגען. „,... העט אין
נישט קיין נחת געזען — אַזוי קומט אַלץ אויף
אַ'עם אויס“, מס, קהלת תּקע״ט, ו, 8. „מע
שטאַרבּט, הערט איר, אומעדום מיט אַ, טויט
און מע לייגט אַרײַן, הערט איר, אומעדום אַ,
אין ערד אַרײַן“, שע, קליינע מענטשעלעך....
„זײַט אויס... אַן אַ'ע מאָס פֿון די
אָנגעוויזענע זוימען,„ יאכ I. „ניט זײַן פֿאַר אונדזער
וויי ווען אַ'ע מאָסן“, פּמ מלחמה II. ־יק —
אדי „דער פֿולער קאָרן איז אומעטום אַ,
אויפֿגעגאַנגען“, משה שקליאר, בּלעטערפֿאַל, וואַרשע
1959. ־(י)קייט.

אַל□ן־ווייסיק

אַלצאיי'נס — אַדוו. אָן אַ חילוק, □לײַך,
סײַוויסײַ. ס'איז מיר אַ'. אַ, שווערע
אויפֿגאַבּעס. „הונדערט און הונדערט און איינס איז
אַ,„; „הונדערט און איינס איז אַ',„; “אַ, — דור
בּא“ [= קינדער און אייניקלעך זײַנען אַ']; „אַ,
קבּצן — נאָך אַ טרונק בּראַנפֿן!“, שוו. *אַ,
משה פּאַרך = וואָס ער זאָל ניט טאָן, האָט ער
סײַוו אַ שלעכטע רעפּוטאַציע. „ניט אַלע איינסן

י

זענען אַ''', א. אלמי, פֿאַש, 3 ▯ 1955 I. ''פֿר צײַטן
זײַנן יהודים און ערלים אַלשׂ איינשׂ גקלייד
גיגנגן'', איין שין מע▯ה, דאז מעע)ה האבן צוויי
ווײַבר אין דער דרוק גבראַכט: בילה בת הגאון
מוה,,ר בער ממשפחת הורוודץ, אַש ת ר, יוסי
חזן מגורש מווין ומרת רחל בת האלוף נתן
רויזניץ, [פּראָג, 1700]. ,,אַ', אַ געשמדטער ייִד
איז אויך אַ ייִד, אַ''', לייב ראַשקין, די מענטשן
פֿון גאָדלבאָזשיץ. סוב — ,,העי, געדרייט
זיך און געדרייט זיך... ביז מיר שאַפֿן נײַעם
תוהו פֿרײַען געטלעכן אַ''', צײַט, '
גלגולים----

טאַנץ'.
־קייט — ,,ניטאָ קיין אַבסאָלוטע, דירעקטע אַ,
צווישן דעם ייִדישן און ענגלישן וואָרט,,, ימ,
ייִבל XXIII, 105.
אַ'יק — אַדי. אַ'ע רעזולטאַטן. ,,קראַנקע
געזיכטער... מיט בלוטיקע טריפֿנדיקע אָדער
מידע אַ'יקע אויגן'', פּרץ, ליטעראַטור און לעבן.
אַ'יקייט — ''עס איז אַ מאַטעמאַטישע אַ''',
ברידער גאָרדין, די טריאומפֿעדיע, ווילנע 1914.
אַלץ־אינאײנעם — אַדוו. כסדר, שטענדיק.

אָן אויפֿהער. „ער איז ווערט די קרוין, ער ציט זיך אַ־א, אַרויף“, פּרץ, 'קלאָץ־געשיכטן'. „דער יתּוש וואָס קראַצט אַ־א, אין מוח... איז גאַר אַ פֿײַערדיקער רבּי“, פּרץ, 'יוחנן מלמדס מעשׂהלעך'. אַ־א'דיק — אַדי.

אַלצדינג — פּראַ. Mhd: al (alles)־ in .

→ אַלדינג. אַלץ. אַלע זאַכן. טאָן אַ, וואָס מע דאַרף. אַ, וואָס עס איז נייטיק צום לעבן. „מע קען טאָן אַ, אין גוט־ייִדישקייט“; „אַ ייִד האָט ליב אַ, צו וויסן„; „פֿאַר דעם ייִדן איז אַ, (אַ) סחורה“, שוו. „לאָז דעם זאָטל אויף דעם פֿערד, אַ שיינע מיידל איז אַ, ווערט“; „אַ, וועט איר קריגן צו עסן, אָן אונדזער מוטערס כּשרן נאָמען וועלן מיר נישט פֿאַרגעסן„ פֿל. „אַז מען

,

איז בײַ יענעם אַ מענטש דאַרף מען אַ, איבערטראָגן„, שע, 'מענטשן'. „די צײַט לויפֿט און אַ, לויפֿט איר נאָך“, אשט, מײַסעלעך ־לעך

— אדי ־לעכקייט.

אַלץ־האָבער — דער, ־ס. נעאָל. אַזעלכע מפֿונקים, אַזעלבע אַ־ה'ס.

אַלץ הייסט פֿראַזע. אויסדרוק פֿון

בּאַ▯ —

וואונדערונג, אָפּט איר. אַ, ה, אַ פֿאַרדינער! = אַ גרויסער פֿאַרדינער אָדער אָפּלאַכעריש. אַ, ה, אַן אומגליק! = אַ נישט־געוויינלעך אומגליק.

אַזוי אויך ענלעכע ▯אַרבּינדונגען.

-

אַלצוהאַנט — אַדוו. אַרכ. תּיכּף. גלײַך אויפֿן אָרט. אויף דער שטעל. „דער קוניג גאשׂ דען ווײַן אוישׂ אַל צו הנט„ מגל, ש, 270.

אַלץ־ווייסיק — אדי. נעאָל וואָס ווייס (קען ויסן) אַלץ. קיינער איז ניט אַ'־וו'. ־יקייט —

אַלץ־ווײַסער

„דער שטאַרקסטער קלאַפּ פֿאַר דעם גלויבּן אין דער אַ'־וו'יקייט פֿונעם טעסט...„ מוו, דער וועג צו או▯דזער יוגנט אויך: אַ'־וויסיק.

אַלץ־ווײַסער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס ווייסט אַלץ. „קווענקלען זיך צי... איז געווען אַזאַ חכם און אַזאַ אַ'־וו„ ווי דער רבּי וויל אונדז אײַנשמועסן“, זש, שקלאָווער קי▯ער. „דער דערוואַקסענער דאַרף ניט זײַן קיין אַ'־וו, און מעג זיך אַמאָל מודה זײַן פֿאַרן

קינד אַז ער ווייסט עפּעס ניט“ געז, פּאַריז

5 — 3 1951' No. —יש — אדי. “איז אָט דער באַריכט... אַזו אַ־וו'יש, גלײַך ער זאָל האָבן

דערבײַ געשטאַנען“, ש. ביקל, טמז, 30 1953 X.
אויך: אַ'־ווייסניק, אַ'־ווייסאָוויעץ,

איר.
אַלצומאָ'ל — אַדוו. ארכ אינגאַנצן. אַלץ
צוזאַמען. “זײַא וואַר זגן אויף א ם [מרעהן] אונ, אויף מצרים אַל צו מאָל“, טח, שמות, הפּטרה, יחזקאל, כט, 2. „אַלירלייא האשׂטו גיטאן אונטר זײַני [וס. שאַף אונ, רינדר אַל צו מאָל אונ, אויך פּיך דשׂ פּעלדשׂ“, תּפלה למשה..., דעסוי 1696, שכז, 2. „צו פּרשטיין דײַן פֿאָלק אַל צו מאָל“, בראַנט, פּרק י. “ערבן אונשׂ צו טאָג דער דא איז אַל צו מאָל גוט“, ברכת המזון, אמשט 1723, ד/ב.
אַלץ־טוער — דער, ־ס. וו ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טוט אַלץ. „אַן אַ'־ט, איז אַ קנאַפּער אויפֿטוער“. „צוריקגעקומען איז זי מיט דער

אָנפֿאַרטרויטער אַ־ט'ין פֿון... געשעפֿט“, ל טרייסטער,
טמז, ▯ ▯ 28 X 19.
אַלצייט — אַדוו. אַרכ. אין אַלע צײַטן. “ווײַבּר
▯-
דיא דא האבּן... אַל צײַט מקדש השם
גיווע▯ן... זולכי קומן... אינם גן עדן,,, בּראנט,
פּרק ו. ,,דער זײַל זיא בּגליקן זײַני וועג אַ▯
צײַט“, סהמ, תּהלים, י. 5 [תּי: ,,צו יעטוועדער
צײַט“]. “הש“י שטיט אַל צײַט דעם גרעכטן
בּײַא“, וואו דאז רעכט איין ענד האָט, אַנהייבּ
18. י“ה?
אַלצייט▯יק — אַדי. וואָס איז אין (פֿאַר) אַלע
-.
צײַטן פֿאָלק, דו בּיסט אַ בּלוטיקער נס און
. ,,
א'יק“, סוצ פֿעסטונג ־יקייט. פּפֿ: אַ'־
- , .
לעך — ,,... מיטן פּרינציפּ אַז די ייִדישע
קולטור איז אַלוועלטלעך און אַזוי צו זאָגן אַ'לעך“,
ימ, קוד, 1941 ▯ ־קייט.
אַלצינקעס פֿאַרצריגן פֿון אַלץ. אַלצי(נ)־

קעסדינג — פֿאַרצויגן פֿון אַלצדינג. אויך

אַלציקעדינג, געניצט דערעיקר בײַם ריידן
צו קינדער.
אַלציק — אַדי. <אַלץ. נעאָל ,,עתּיקא, דער
איינציק־אייניקער, דער אַ'ער, דער אַלייניקער“,
□ ייִט, מטטרון.
אַלצלאָז — אַדי. נעאַל. וואָס האָט ניט מער
אַלץ. ,,ס אַלץ איז פֿון דיר אַוועקגעלאָפֿן, איצט
,
ביסטו אַ, אויף דער וועלט“, יג פֿון מײַן
גאַנ,

□ ער מי.
אַלצמאָל — אַדוו. אַלעמאָל. ,,נאָר דאָס האַרץ
איז בײַ אים אַ, געוואַרן ווי פֿאַרשטאָרבן“, בערג,
שטורמטעג, ווילנע 1928□

1□9□
אַלץ מיטאַנאַנדער — אַדוו פֿראַזע. מיט
אַלע פּרטים, גאָר אינגאַנצן. אויסדערציילן אַ,
מ'. ,,אַז מפֿונג [= מפֿונק] דאשׂ ער דאז
טרינקין גאַר אוישׂ שויט מיט דער פֿליג, עשׂ איז
אים מיאוס אַלשׂ מיט אַנדר,,, בראַנט, פּרק
יד. “זאגיט איר אַלישׂ מיט אַנאַנדיר“, גה 240.

״ווער איז דען אין הימל גאָר אַ, מ'?... אַז
נישט נאָר דער בעש״ט אַליין״, [חיים מאַלאַגאַ]
,גדולת ר, וואָלף...,, [יפּ]. ,,אין דעם גלות...
האָבּן [ייִדן] עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים, אַן
אַנדער שטייגער לעבּן, אַן אַנדער מזל   אַ, מ,
 --.

עפּעס ניט לײַטן גלײַך״, ממוס, ווינטש סובּ
אַ בּריה אויף אַלץ. ווער עס האָט אַ סך

מעלות צי חסרונות. ,,ער איז אַן אַ־מ', אַלץ
וואָס אין קאָרט״. ,,איך האָבּ געהערט אַמאָל
אַ היגן מאַכער, אַן אַ־מ', וואָס קהל האָט
אים בּוחר געווען״, ריבּ״ל, די ה קר וועלט
אַלץ־עסער — דער, ס.   1. ווער עס עסט
אַלץ. ״גיט מיר וואָס איר האָט, איך בּין אַן
אַ־ע',,.   2. דזוו אַלץ־פּרעסער, ש. בּלוס, דער
בוים ון לעבּן, נ״י 1931, ז, 241.
אַלצעשיידונג — די, ־ען. נעאָל.
ענדגילטיקע צעשיידונג. דאָס שטאַרבּן. ״אונדזער האַרץ,
אין גורלדיקער שעה פֿון אַ, זאָל אויסקלאַפּן
אין ערלעכן געוויסן זײַנע לעצטע קלעפּ״, הל,
אַ בּלאַט אויף אַן עפּלבּוים.
אַלץ־פֿאַרמעגלעך — אַדי   וואָס קען אַלץ.

איבּז פֿון 'וכל יוכל'. „ער איז אַליין... אָ
לעבעדיקער און אָן אַ,־פ'ער„, שיר היחוד ליום
חמישי פּ□דמ 1885, ז, 19.

אַלץ־פּ֫רעסער — דער, ־ס פֿרגל: אַלץ־עסער.

1. באַשעפֿעניש, בעל־חי וואָס עסט אי געוויקסן
אי □לייש. 2. בעל־חי וואָס עסט אי אַנדערע
לעבעדיקע באַשעפֿענישן אי פֿגרים.
אַלצקייט — די. מצ נבֿ. סטוטש קאָפּ פֿאַר גרו.
פּע 32. טאָטאַליטעט. די אַ, פֿון באַשאַף.
אַלץ־קענער — דער, ־ס. ווג ־ין, ־קע, ־ס.
1. אַלץ־ווײסער. 2. ווער עס קעז אַלץ טאָן.
אַן אַ'־ק, וואָס קען ניט אַ קאַץ דעם עק
פֿאַרבינדן. אַ'־ק'ײ.
אַלקאַדע — דער, ־ס. <שפּאַ <אראביש
ריכטער אָדער פֿאַרטרעטער פֿון דער מאַכט אין
אַ קלענערן ישובֿ; בירגערמײסטער אָדער
פּאָלי□ייִמײסטער אין אַ גרעסערער שטאָט. „דער אַ,
פֿון קאַסעראָס“, מ. אלפּערסאָן, דרײסיק יאָר
אַרגענטינע „דער קאַפּיטאַן האָט אונדז
אָפּגעפֿירט אין דער נאָענטער שטאָט... און...
אונדז איבערגעגעבן צו דעם אַ'“, קמ, 1866,

No 22.

אַ'לקאָהאָל — דער, ־ן. < איי <אַראַביש.

1. ספּירט, ספּיריטעס. פֿליסיקייט אָן אַ קאָליר, בּרענט, מישט זיך גוט צונויף מיט וואַסער, מיט אַ ריח ענלעך צו עטער, מיט אַ שאַרפֿן, בּרעניקן טעם. אַ, איז דער שיכּורנדיקער עלעמענט פֿון פֿערמענטירטע פֿליסיקייטן, פּראָדוקט פֿון הייוון־פֿערמענטירונג פֿון אַ צאָל קאַרבּאָהידראַטן. מעטיל אַ, 2 oM ◻M◻ ◻); עטיל אַ,

אַלקאַלי

◻][() . אַ, פֿון תּבֿואות פֿון קאַרטאָ◻ל פֿון

קוקורוזע פֿון פֿערמענטירטן ווײַן. אַ, ווערט

געניצט אין געטראַנקען, מעדיקאַמענטן, אין שמיר־ און אײַנרײַבּ־מיטלען, אין אינדוסטריע, ווי בּרענשטאָף (פֿאַר ראַקעטן) אאַ. "מע האָט אַרויסגענומען דאָס האַרץ און [מע] האָט עס אַרײַנגעלייגט אין אַ זילבּערנע פּושקע און מע האָט פֿול אָנגעגאָסן שטאַרקן אַ־עסיק", נאַפּאָלעאָן, [לבוב?], יאָר? "אַ, איז בּאַקאַנט דורך

זײַן שאַרפֿן טעם און קען ברענען... האָט אויך
דעזינפֿיצירנדיקע אייגנשאַפֿטן ווײַל ער טייט
די מיקראָבן“ פֿגעז, ווילנע 19 1931, No.

,

2. יעדער מין געטראַנק וואָס האָט אין זיך
אַ', בראַנפֿן, ביר, ווײַן אע. ניט טאָרן טרינקען
קיין אַ'. „אויך אויף דער נערוון־סיסטעם פֿונעם
מענטשן ווירקט דער אַ, צום שטאַרקסטן. די
וואָס טרינקען [איבערמאָסיק] זײַנען זייער
גענייגט צו באַקומען פֿאַרשיידענע פּאַראַליזן,,,
▯געז, ווילנע 2 1924, No.

־(יז)ירונג. ־(יז)ירן — טרוו. ▯ ־
יזאַציע.

־יזם — דער. כראָנישע שיכּרות. אויך:
קראַנקייט וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט פֿון
שלעכט־באַניצונג פֿון אַ'ן. ־יק(ער) — דער.
כראָנישער שיכּור. ־אָמעטער — דער, ־ס.
אינסטרומענט צו מעסטן די שטאַרקייט פֿון אַן
אַלקאָהאָלישן געטראַנק אָדער געמיש.

־יש — אַדי. אַ'ע געטראַנקען. אַ'־פֿרײַ —
אַדי. וואָס האָט ניט אין זיך קיין אַ'.

אַלקאָ'וו — דער, ־ן. פּפֿ: אַלקאָווע, די [פּד].
<איי <שפּאַ <אַראַביש. נישע אין וואַנט
פֿאַר אַ בעט. (שלאָף)צימערל וואָס איז אַ טייל

פֿון אַ גרעסערן צימער. אַלקער. „.... אַמאָל געפֿינט זיך דער טובערקולאָז־קראַנקער אין אַ צימער וואָס האָט ניט קיין ליכט, אַן אַ'', 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. „האָט ער געבויט דאָס נײַע הויז מיט דיקע ווענט און מיט אַן אַ'ע אָן פֿענצטער'', באַש פֿאָר, 23 XII 1960.

,
אַלקאַזאַ'ר — דער. 1. פּאַלאַץ פֿון די מוסולמענער הערשער אין סעווילע, שפּאַניע.
2. יעדער מ״ן פּאַלאַץ אָדער פֿעסטונג פֿון מוסולמענער אין שפּאַניע. 3. מוסולמענישע מדינה אין שפּאַניע פּיל שיפֿן גייען פֿון דער
. „
מדינה אַ, קיין סטאַמבול מיט סחורות'', מע״ה כּוזרי, סודלקאָוו 1836.
אַלקאַלאָאי'ד — דער, ־ן. אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג מיט ניטראָגען וואָס איז פֿאַראַן אין געוויקסן. צעגייט אין אַלקאָהאָל, אָבער ניט אין וואַסער פֿאַראַן אין ניקאָטין, מאָרפֿין, כינין
.

אַא.
אַלקאַ'לד(ע) — דער, ־דן. דזוו אַלקאַדע ←.

‟פֿראָצעסן צווישן י□דן און קריסטן זײַנען
באַטראַכט געוואָרן פֿון אַ געמישטן געריכט, וואָס
איז באַשטאַנען פֿון אַ'דן, בוררים פֿון ב□ידע
רעליגיעס„, זק איבז, שד □יI.

אַלקאַל□י — די, ־ען. <איי <אַראַביש. אויך:
אַלקאַליע. (כעמיע) לויג. שטאַרקע באַזע
פֿאַר זאַלצן, נייטראַליזירט זײַערסן. איז לײַכט
צעלאָזלעך און פֿאַרבט לאַקמוס־פֿאַפּיר אויף

אַלקאָלירט □

בלוי. „זייף איז אַ צונויפֿזאַץ פֿון אַ פֿעטס מיט
אַן אַ, (לויגזאַלץ ווי פּאָטאַש אָדער סאָדע).
וואָס אַנטהאַלט אַ ביסל מער אַ, איידער עס
איז נייטיק פֿאַר דער כעמישער פֿאַרבינדונג„,
דר, י. מעריסאָן, היגיענע, נ‟י 1916. „בעתן
גאַרבן לײַדט אין אַ געוויסער מאָס די
הויטסובסטאַנץ: די זײַער[ס]ן און אַ'ען וואָס ווערן
סאַרווענדט אין דער גאַרבערײַ שעדיקן די

הויטפֿעדעמלעך‟, וואולאַך, האַנטביכל □אַר לעדער
אויסאַרבעט, פּעטר, 1922. אַ־ב אָ ד ן — □אָט

אין זיך צו פֿיל אַ, און איז שלעכט פֿאַר
געוויקסן. אַ־ע כ ט — אַדי. „די פֿאַרבן וואָס
ווערן ניט פֿאַרענדערט ווען מע וואַשט אויס די
קלייד מיט סאָדע, רופֿט מען אַ־ע'", ש. שפּיראָ,
קליידער־פֿאַרבערײַ, וואַרשע 00□1.
־יזאַציע — די. ־(יז)ירונג. ־(יז)ירן
— טרוו.
־יש — אַדי. אַ'ע צעלאָזונגען, זאַלצן,
שטאָפֿן. אַ'ע רעאַקציע. אַ'ע ערד־מעטאַלן. "בעת דער
מענטש... נעמט אַרײַן אין מויל אַ זײַערס,
מוז דאָס נייטראַליזירט ווערן, אויב ניט קען
די זײַערס צו שטאַרק רייצן די שליימהויט, און
די שפּײַעכץ איז טאַקע אַ, און פֿאַרטעמפּט די
ווירקונג פֿון אַ זײַערס", צש פֿגעז, ווילנע,
,
4 1925, No. ־ישקייט — די אַ, פֿון
האָרמאָנען.
־ין — אדי & סוב. (דאָס) וואָס האָט אין
זיך אַ'. אַ'ינע ערד־מעטאַלן. קאָכן האָלץ־מאַסע
אין אַ'ין בײַם פּראָדוצירן פֿאַפּיר. אַ'
ימעטער.
אַלקאָלירט — אַדי. נעאָל. וואָס האָט אַלע
קאָלירן. „אין אַ'ע צונגען צעפֿלאַקערט שטייט
דער וואַלד", הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.

—קייט.

אַלקאָלירIיק — אַדי. וואָס האָט אָדער קעז האָבּן אַלע קאָלירן. ־יקייט — „נישט אפֿשר גענוג בּאַשריבּן יעדע געשליפֿענע זײַט בּאַזונדער מיט איר אַ'„, מלך ראַוויטש, קוד, אָקט, 1962. אויך. אַ'יש, אַ'ישקייט — „אַ קראַנץ אין דער א'ישקייט פֿון ייִדישער וועלט. פּאָעזיע„, יג, איק, 25 1963 I.

אַלקאַנס יע — די, ־ס. שפּאַ. פּושקע וואָס מע זאַמלט אין איר קליינגעלט (צום אָפּשפּאָרן). ־ירן — טרוו. דערלאַנגען, געבּן צו דער האַנט. „אַלקאַנסיר מיר דעם האַמער, ס'איז מיר שווער אַראָפּצוקריכן פֿון לייטער“, רייד (בּ„א). אוטוו — בּאַוויַיזן. „איך האָבּ נאָך ניט אַלקאַנסירט איבּערצולייענען“, רייד (בּ“א).

אַלקאַנע — די, ־ס, אויך: אַלקאַנע'ט, דער. <איי <אראַבּיש. (בּאָטאַניק) קליינער קוסט מיט האַרטע שטעכיקע בּלעטער און בּלויער בּליאונג. שטאַמט פֿון געגנטן אַרום מיטלענדישן ים. ווערט קולטיווירט צוליבּ אַ פֿאַרבּשטאָף (אַ'־פֿאַרבּ וואָס מע בּאַקומט פֿון די וואָרצלען. אַ'־ר ו י ט. ־ןA1]▯a1ןna ti1

אַלקאָראַ'ן — דער. בא. <אַראַביש. דזוו
קאָראַן, תּורה פֿון די מוסולמענער. ״דרום זעהן
מיר אין דשׂ אַלקוראַן, דשׂ עשׂ מענגלט איז מיט
די ביכר פֿון דיא (נוצרים) אונ, (להבֿדיל) אַך
פֿיל פֿון אונזר (תּורה) אונ, (גמרא) אונ, (
מדרשים)״, שאַר, כד.

אַלקבּץ — [אַלקאַבּעץ] שלמה בּן משה הלוי.
16. י״ה. פּײַטן און מקובל. געבוירן אין
טערקײַ. נפֿטר געוואָרן אין צפֿת. זיך קונה־שם
געווען בּעיקר מיט זײַן תּפֿילה־געזאַנג 'לכה
דודי, (←.), צו קבּלת־שבּת פֿאַר מעריבֿ.

אַלקורמיס — דער, ־ן. אויך: אַלקערמעס,
קערמעס. (באָטאַניק) נידעריקער קוסט
מיט אַגדעס (ברוסט אַגדעס) אין אַ צאָל
אוני י
טערמינים פֿון צפֿון אַמעריקע. באַקאַנט אויך ווי
-
אַמעריקאַנער טרויבּן,. ווערט קולטיווירט
או,
מעטום פֿון טייל

.

סאָרטן אַ,
באַקומט מען
אַרויס סובסטאַנצן
וואָס האָבן
מעדיצינישע
אייגנשאַפֿטן. "... אויך
איז גוט צו דעם [האַרץ־נאָגן] מע זאָל עסן אַ,
אָדער ד אַרידאָן. דאָס געפֿינט מען אין דער
י
אַפּטייק', א שפּערלינג, ליקוטים II (טעמי
המנהגים), לעמבערג תּרס,,ט, ס'. ytolacca [.
אַלק אָנישע טעג — סטוטש (גר מיטאָל')
י
די פֿערצן טעג נאָך דעם קירצסטן טאָג פֿון יאָר,
ווען דער ים איז, לויט אַ גלייבעכץ, רואיק
(אין שײַכות מיט דעם מיטאָלאָגישן פֿויגל
אַלקיאָן וואָס בויט אַ שווימענדיקע נעסט אויפֿן ים
און זיצט אויס אייער אין די רואיקע פֿערצן
טעג). געניצט מיטן ב: צײַט פֿון רו און שלום.
אַלקיטי'(ע) — ← איילקיטײַ', 1087.
אַלקילירן — טרוו ־ליר, אַלקילירט. שפּאַ.

.

al(lui][ar: ,<. פֿאַרדינגען. אַ, אַ צימער,
אַ דירה, אַ דעפּאַרטאַמענט. אויך: אַלקילע'ר
— דער. דירה־געלט. דער אַ, איז זייער טײַער.
אַלקימניסט(□)ריי — די. בא. אַרכ. מיי.
--
דזוו אַלכעמיע ←. „.... דיא ליבֿ האבֿרס פֿון
דיא אַלקימניסtטרײַא, וועלכי אין אירן הערצן
גידענקן, אויז קופּפֿיר גאָלד צו מאַכין אונ, אויז
קוועק זילבֿר האָפֿין זיא פֿײַן זילבֿר צו
בֿרענגין פֿר שלײַסן איר צײַט בײַא דעם אויבֿין אונ
,
בײַא דעם הערד“, איבֿז, אליהו בֿר, ליזר חזן
משפּחת קוטנים, תּלמיד צחקן מוסרי, אַמשט
תּע“ח.
אַלקינסטלער — דער, ־ס. קינסטלער אויף
אַ סך געביטן ־יש — אַדי. אַ'ע
אונטער.
נעמונג, וואו עס באַטייליקן זיך קינסטלערס
אויף פֿאַרשיידענע געביטן ־ישקייט.
.
אַל קנא ונוקם — [אייל קאַנאָ וויינויקיים] דער.
<נחוס, א, 2. 'אַ גאָט אַ צערענער און
ראַכענעמער', תּי. „דער אַלטער א, ק, ו, האָט זיך
אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט זײַן פֿאָלק

פּראַווען חצות און קלאָגן אויף גלות־השכינה“, א
גאָלאָמבּ, גש I־I, מעקסיקע 1946. ־ אַל נקמות.

אַל ראָש ההר

אלקנה — [עלקאָנאָ(נע)] מענער־נאָמען. <ש־
וואַל א, א, 1 אאַ   פֿאָטער פֿון שמואל ה־בּיא.
־

פֿון דעם נאָמען אויך: עלקע.
אַלקע 1 — די, ־ס.
גרויסער שווימפֿויגל מיט קורצע
פֿליגלען פֿון געגנטן אַרום
צפֿון־פּאָלוס. די אַ, בּויט איר
נעסט אונטער שטיינער אָדער
אין שפּאַלטן פֿון פֿעלדזן.
האַלט זיך אויף ס'רובֿ אויפֿן
וואַסער און נערט זיך מיט
ים־בּאַשעפֿענישן. —Alca im
.]pennisק
אַלקע 11 — דזוו האַלקע (←). וורר, אוקר.
קניידל פֿון צעריבּענע קאַרטאָפֿל, פֿאַרמישט מיט
מעל.
אָלקע 1 — [ווייכע ל] די, ־ס. דזוו אולקע (←,

508). אָלקעווען — [ווייכע ל] דזוו
אולקעווען. ← אָלקער I.
אָלקע ll — [ווייכע ל] די. מצ נבֿ. [o]: ..
שוואַרצער מין הירזש. חושך ווי אָ,.
אַלקער — דער, ־ס.: .;.a1kie: .
[יִגאַ פֿרגל אַלקאָוו. קליין צימער. צימערל
.
בײַ אַ גרויסן צימער, אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל,
,
אויך מיט אַ פֿאָרהאַנג. אַן אַ, פֿאַר דעם יונגן
פֿאָרפֿאָלק. אַן אַ, מיט אַ פֿענצטערל. אַ
פֿינצטערער אַ'. אַ שטובֿ מיט אַן אַ.. „ואלולי שחזר מעט
לאחורין לתּוך האַלקער“, שבֿחי הבעשט,
קאָפּוסט 1815, ז, 48. *אַ שטובֿ מיט אַן אַ, =
צוויי ערטער וואָס זײַנען נאָענט צואַנאַנד אין
שטח. „נאָך דעם אָנבײַסן פֿלעגט ער בלײַבן
אין דער היים צוגרייטן אין אַ'ל דאָרט דאָס
לייענען“, ממוס, שלמה. „מיט אַ
יאָרצײַטליכטל דײַן אַ'ל באַלויכטן“, ש. פֿרוג I. „און
שטיל דאָס שויבן־טירעלע פֿון אַ, אויפֿגעמאַכט“,
אול. ט ו י ט ע ר אַ, = אָן אַ פֿענצטער,
אָנגעלייגט מיט פֿאַרשיידענע זאַכן פֿון בעל־הבתּיש
קייט.

אָלק ער 1 — דער, ־ס.   הובל מיט
האַלבקײַלעכדיקן אײַזן און האַלב־קײַלעכדיק קלעצל.
געווײנטלעכע און פֿאַרשפרייטע פֿאָרעם פֿאַר
אולקע (→ 508). אויך: אָ'־ה ו בּ ל. —ערן —
טרוו.   מאַכן אַ רונדע רינע מיט אַן אָ'־הובל.

אָלקער ll — דער, ־ס. <? ״שמאָלע
אײבערפֿלאַך אין אַ וואַנט וואָס באַקומט זיך דורך
אויספלאַטשיקן אַ גראָדן ווינקל אויף פּטור צו
ווערן פֿון אַ שאַרפֿן קאַנט. אַנשטאָט אַ גראָדן
ווינקל באַקומען זיך אויף אַזאַ אופֿן צוויי טעמפּע
ווינקלען (r am c] '), רחל ווישניצער, ייִבל
.I)()(, 48)(
אַל. ק. פּ. () — [עלקאַפּע] די. (מאָוו) ר,,ת
פֿון: אַלרוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי
(באָלשעוויקעס).
אַלראַ אָניש — אַדי. וואָס איז פֿון אַלע
ראַי
יאָנען. אַ'ער צונויפֿקום.
אַל ראָש ההר — [על רויש (ראָש) האָהאָ'ר]
ראזע. תּח. >שמות, יט, 20 אאַ.   'אויפֿן

אַלרוינע

(צום) שפּיץ באַרג'. „אַפּילו אַהרן און די כּהנים
האָבן ניט געטאָרט שטעלן קיין טריט וואו משה
רבּינו האָט דערלאַנגט — א, ר, ה'„, ניסן
גאָרדאָן, טמז, 24 ▯ l966. אויך מיטן בּ: די העכסטע
מדרגה, קולמיניר־פּונקט. קיינער קאָן ניט
דערגרייכן א, ר, ה'.

אַלרוינע — די, ־ס. ▯ ▯Mhd: alrו▯ne. אויך:
אַלרוטע. (בּאָטאַניק) קרײַטעך פֿון די
לענדער אַרום מיטלענדישן ים. אבּ, ספֿר מתורגמן
פֿאַרטײַטשט 'דודאים, (בּראשית, ל, 14): "בּל„א
[בּלשון אַשכּנז]
אַלרוינן. וּבלעז
מאַנדראַגולי"; ע)בּ — „אַלרינן
אוֹ פֿייליך"; אורח —
„אַלרוטען" [תּי: „
ליבּעפּעלעך"]. די אַ,
ווערט קולטיווירט
אומעטום צוליבּ אירע
פֿאַרבּיקע פֿײַן־
שמעקנדיקע בּלומען. איר פֿרוכט (ענלעך צו אַ קליין
עפּעלע) זאָל האָכן אַ סטימולירנדיקע ווירקונג

און איר וואָרצל — אַ כּוח צו היילן. [די אַ, איז
געוּדען בּאַקאַנט שוין אין די גאָר אַנטיקע צײַטן.
די נאַרקאָטישע סובּסטאַנצן פֿונעם קרײַטעך,
איר צעצווייטער וואָרצל, וואָס כאַפּט דעם
אָנבּליק פֿון צוויי מענטשלעכע פֿיס, האָבּן געפֿירט
צו פֿאַרשיידענע אײַנגלייבּענישן. ספּעצ ווי אַ
סגולה צו האָבּן קינדער, אַ טראַדיציע וואָס ציט
זיך נאָך פֿון חומש (בּראשית, ל, 14־15). ד אַ,
י

אין געוואָרן גענוצט ווי אַ כּישוף־צייכן, ווי אַ
סגולה בּײַ מאַגישע אָפּשפּרעכענישן אדגל.]
.Ma(1ra□o]□.(□ran(l]□mora
אַלרוסיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו
אַלע רוסן. אַן אַ'ע אייגנשאַפֿט.
אַלרוסלענדיש — אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות
צו גאַנץ רוסלאַנד.
אַל רהום (והנון) — [אייל ראַכום ווייכאַנון]
דער. <שמות, לד, 6 אא. 'דערבּאַרעמדיקער
(און לײַטזעליקער) גאָט'. די דריטע, פֿערטע (און
פֿינפֿטע) מידה פֿון די דרײַצן מידות פֿון גאָט
[אַל — בּאַצייכנט גאָט פֿון אוניווערס, הערשער
פֿון דער נאַטור און מענטשהייט; רחום פֿול

.

מיט אײַנזעעניש פֿאַר די לײַדן פֿון מענטש און
זײַנע שוואַכקייטן; חנון — טרייסט די
פֿאַרשקלאַפֿטע]. „א, ר', טוא אונזר צרות זעהן,
ווידער צו דײַן גינאד גינעהן“, 'קינות אויף
כמעלניצקיס גזירות', פּראָג 1648 [מוו, בילדער
פֿון דער ייִד, ליט, געשיכטע]. „גיין גיי איך פֿון
דער וועלט מיט גרויס בטחון אין א, ר, ו',
אַז ער וועט מיט מיר טאָן לפֿנים משורת הדין“,
פּרץ, 'פֿיר דורות פֿיר צוואות'. „[ר, נחמן

בראַצלעווע] האָט אַפֿילו פֿאַר אַסט אַ
ספֿעצ

יעלע תּפֿילה: 'א, ר, ו'... זע, אין דײַן גרויס
רחמים, אַז איך און גאַנץ ישׂראל זאָלן
פֿאַרמאָגן די גרויסע בענקשאַפֿט און לוסט און אמתן
ווילן אַרײַנצוקומען אין ארץ־ישׂראל',„ זלמן שזר,
טמז, I 1967 ו 18. „דער אייבערשטער, דער א,
ר, ו, דערבאַרעמט זיך — צופֿאָר גאָט און
דערנאָך געלט — און שלמה־מענדל ווערט אַ

1396סטו

דענט“, אַ סגולה פֿאַרן דלות, טשערנאָוויץ, יאָר?
אַל רהמן — [... ראַכ(אַ)מאָן] דער. <לויט
קידושין, פֿא/ב. 'באַרעמהאַרציקער גאָט'.
“שלאָף, א, ר,, מלך אבֿיון, זײַט בײַ זײַט מיט
אונדז אין שטײַג; ס'וויגט דיך פֿישקע, ס'וויגט
דיך טבֿיה, ס'היט געטרײַ דיך באָנטשע שווײַג“,
הל, אַ רבונו־של־עולם־וויגליד'.

,

אָלרייט — אַדוו. אַמ. 1 . ht: [a11. אין

-

אַ גוטן צושטאַנד. גוט, ריכטיק, אמת. ,,ביסטו
אָ'?“. ,,איצט איז אַלץ שוין אָ',,. 2. נו, נו
גוט, מילא. זאָל זײַן אַזוי. ,,אָ', זאָל זײַן ווי דו
זאָגסט“. ,,אָ', און אַן עק זאָל עס נעמען“. ,,אָ,,
ווילסט ניט, איז ניט,,. ,,אויב זיי וועלן מיך ניט
פֿאַרהאַלטן, וועל איך קומען. — אָ', זע צו
קומען“, אָפּאַ, היברו. ז ײַ ן אָ, — זײַן אין
אַ גוטן מצבֿ. ,,אין בריוו שרײַבט ער מרר אַז
ער איז אָ', ער איז אַ מיטגליד אין דעם
פּאַרלאַמענט,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן.
—ניק — דער, ־עס. ־ניצע — די, ־ס.
אַן אויפֿגעקומענער עושר. אַן אַרויפֿגעאַרבעטער
בעל־הצלחה. זיך וואַרפֿן מיט געלט ווי אַן אָ'ניק
וואָס זוכט כּבֿוד. ,,אַלע באַציִען זיך מיט זעלבן

ביטול צום אָ'ניק", אָפּאַ, די טענצערין. „ווען מיר רעדן וועגן דעם אָ'ניק האָבן מיר אין זינען דעם מענטשן וואָס באַרימט זיך מיט זײַן הצלחה. דער אָ'ניק איז אָפֿט אויך טאַקטלאָז", א. מענעט פֿאָר, 1964 I 21.

,

אַלרעפּובליקאַניש — אדי. 1. וואָס איז פֿון (בײַ) אַלע רעפּובליקן. אַ'ע שווערקייטן. 2. וואָס איז שייך צו אַ גאַנצער רעפֿובליקאַנער פּאַרטיי. אַ'ע קאָנפֿערענץ. 3. וואָס איז אין הסכּם מיט אַלע רעפּובליקאַנישע פּרינציפּן. אַ'ע דעקלאַראַציע.

אָלשאַנ□ע — די, ־ס. דזוו אָלכע, אָלשע, ←. פֿון ביידע זײַטן שאָסיי... זײַנען געווען

"

פֿאַרפֿלאַנצט ליפּעביימער, אָ'ס, בעריאָזעס„, ש□ סײַמאָן, טאָג, 14 1958 XI. ־יק — דער, ־עס. ווערדל פֿון אָלשאַנעס.

אָלשאַנע — גג. שטעטל פֿון טשערקאַסער קרײַז, אוקרײַנע. צונאָמען: אָ'ער פּאַנטשאָכעס.

אָלשאַנקע — די, ־ס. בוימטרילערל. זינגפֿייגעלע פֿון צענטראַל־ און מזרח־

אייראָפּע. האַלט זיך
אויף אין וועלדלעך
בײַם ראַנד פֿון
געבערג. קומט צו
פֿליִען אין מאַרץ און פֿליט אַוועק אין אָקטאָבער.
.AC(entom (]ula s
אַלשאַפֿונג — די, ־ען. נעאָל, אַבּא קליגער.
כּוללדיקע שאַפֿונג.
אַל שדי — [איל שאַדאַי] דער. <בּראשית, יז,
1; לה, 11 אא. 'אַלמעכטיקער גאָט'. [חגיגה,
יבּ/א; בּראשית רבּה, ה, ז; מו, בּ; זוהר,
דבֿרים, יב, 4 — דערקלערן: שדי, ווײַל 'שאמר
לעולם די, — ווען גאָט האָט בּאַשאַפֿן די וועלט,
האָט ער געזאַגט 'די,, ס'איז גענוג, געענדיקט.
דער רמבּם, מורה נוכים, סג, זאָגט: גאָט

נייאַל תאמן בּעצמך

טיקט זיך ניט אין עמעצן וואָס זאָל השגחה
געבּן אויף דעם וואָס ער האָט בּאַשאַפֿן, ווײַל
ד אַבּסאָלוטע מציאות זײַנע איז אין זיך
געי
נוג.] "מיר זײַנען אַצונד [זיך] מתוודה פֿאַר
דעם אַלמעכטיקן וואָס ער ווערט אָנגערופֿן א,

ש'“, מע)ה אומן. “[די אָבֿות] האָבּן געזען [די געטלעכקייט] מיט דער מדרגה פֿון א, ש, און משה האָט געזען מיט דעם שם־הווייה“, נוצ, קעו/א.

אַלשוין — קאָנ. אַרכ. Mhd: a11‑sōn, a1‑sâm. כאָטש(ע), הגם. „אַל שוין דז איך ווייש דז דײַנש גלײַכן איז ניט אונטר אַל דײַן פֿאָלק...“, יוטיפֿון, אמשט 1743, י/ב.

אַלשטאָטיש — אַדי. וואָס איז פֿון (שייך צו) דער גאַנצער שטאָט. אַ'ע קאַנאַליזאַציע. „אַ'ע שיסערײַ־פֿאַרמעסטונגען„, נ. זאַבּאַרע, סאָוו, היימלאַנד, 9 1967, No. אַלשטעטיש — וואָס איז פֿון (שייך צו) אַלע שטעט. אַ'ע פּלאַנירונגען.

אַלשיך — ר, משה בּן חיים (1508 — 1600). דיין, דרשן, פּרשן און מקובּל. געבּוירן אין אַדריאַנאָפּאָל, נפֿטר געוואָרן אין ארץ־ישׂראל. זײַן ספֿר תורת משה — דרשות אויף די סדרות פֿון דער וואָך — איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אונטערן נאָמען 'אַ, הקדוש', וואָס אַ טייל איז איבּערגעזעצט אויף ייִדיש. דרשנים האָבּן פֿון אים געשעפּט שטאָף פֿאַר זייערע דרשות. אַרײַנקוקן אין אַ, איז געווען פֿאַררעכנט ווי

אַ מדרגה. ״דאָרט לערנט אָ מלמד מיטן פּראָסטן עולם אַ׳״, פּרץ, 'שלום־בית'.

אַ'־שוסטער — דער. (שפּאַסיק) שוסטער, וואָס מאַכט אַלע סאָרטן שיך. ״די חכמה ווייסן שוין דאָ קינדער אין דער וויג, נאָר דו ביסט דאָך... אַן אַ'־ש', קען זײַן דו ווייסט עס ניט״, פּרץ, 'וועבער־ליבּע, (דריטער בּריוו).

אָלשינע — די, ־ס. 1. האָלץ פֿון אָלכע־בּוים. 2. אָלשאַניק, וועלדל פֿון אָלכע־בּיימער. „אַז מיר זײַנען צוגעקומען צו דער אָ', האָט [ער] זיך אָפּגעשטעלט,,, אָפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון אָ פּערדגנ .

אָלשע — ← אָלכע.

אַלשעפֿריש — אַדי. שעפֿריש אויף אַלע (אַ סך) געביטן. אַ'ער מענטש. ־קייט — „נס פֿון אונדזער צעזונגענער אַ, אין אונדזערע בּיידע לשונות״, יג, טמז, 30 XI 1963.

אַל תאמן בּעצמך — [... טאַאַמיין בּייאַצמעכאָ] זאַץ תּח. <אָ וּת, בּ, ה. 'זאָלסט ניט גלייבּן אין זיך, [צווייטע העלפֿט: „עד יום מותך״ — בּיזן טאָג פֿון דײַן טויט; הללס אַ מימרא], ד״ה זאָלסט ניט זײַן צו פֿיל אײַנגעגלייבּט אין (ניט שטעלן אויף) זיך אַז דו וועסט ניט נכשל ווערן. אויך איר: „אַ, ת, בּ, — נעכטן

ערשט האָט איַך ר, טאָדרעס געלייגט אַ לאַטע
אויף די שיך, הײַנט — ער שרײַבט שוין...
אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן", רבי קצין, ייִפּאָל,
1888, No 13-14 פּטמ אײַנטײַטש: „אַ, ת, בּ, —
.
וואָלסט עס ניט געגלייבט, ווען דו זעסט עס
ניט מיט די אייגענע אויגן".

אַל תאסר לכשא־ אשנה

אַל תאמר לכשאפּנה אשנה — [.. .
טוימאַר ליכשעעפּנע(!) עשנע] זאַץ. תּח. <אָ ות,
ב, ה. ,זאָג ניט: ווען איך וועל ווערן פּרײַ—
וועל איך לערנען, [צווייטע העלפּט: "שמא לא
תּפּנה" — ווײַל טאָמער ועסטו ניט זײַן פּרײַ;
הללס אַ זאָג]. דזוו „לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן,
וואָס דו קענסט הײַנט בּאַזאָרגן", שוו.
אַל תאמר לרעך: לך ושובֿ — [...
ליירייאַבאָ: לייך וואָשוּוו] זאַץ. תּח. <משלי, ג, 28.
'זאָלסט ניט זאָגן צו דײַן חבֿר: גיי און קום ווי..
דער, [סוף פּסוק: „ומחר אתּן ויש אתּך" —
'און מאָרגן וועל איך געבן, ווען דו האָסט בײַ
זיו„ תּי], ד"ה זײַ ניט מטריח אומזיסט

אומנישט עמעצן וואָס קומט בײַ דיר בעטן אַ טובֿה,
גמילות־חסד אע.
אַל תבֿוש לומר 'איני יודע, — [...
טײַוואויש לוימאַר 'אײני יוידײאַ,] זאַץ. תח. <דרך
ארץ זוטא ב.   זאָלסט זיך ניט שעמען צו
זאָגן: 'איך ווייס ניט, פֿרגל: ,,בעסער זאָגן
.
'איני יודע, איידער בלײַבן אַ ליגנער,,, שוו.
אַל תבֿטהו בנדיבֿים — [... טיווטעכו
בינדיווים] זאַץ. תח. < תהלים, קמו, 3 ▯ ,איר
זאָלט אײַך ניט פֿאַרזיכערן אויף פֿירשטן ▯, תי.
[סוף פסוק: ,,בבֿן אָדם שאין לו תשועה“: אויף
אַ מענטשנקינד וואָס ניטאָ בײַ אים קיין הילף.]
געניצט ווי אַן אַזהרה מע זאָל זיך ניט פֿאַרלאָזן
אויף פֿילאַנטראָפּן, מעצענאַטן, גבֿירים, נדבֿנים.
,,א, ת, ב,   פֿאַרלאָז זיך ניט אויף אַ פּאַרך“,
- ▯

פֿוול. ,,אַ, ת, ב, — זייער ▯ בֿטחה איז ניט ווערט
קיין שמעק טאַבעק,, פֿוול. ,,אַ, ת, ב, — מע
,
וועט זיך מוזן אַליין אַן עצה געבן,,, דוד
פֿלינקער, טמז, 23 XII 1968. פּאָפּולערער אײַנטײַטש:

“א, ת, ב, פֿאַרלאָז זיך ניט אויף די גבֿירים,

-

--

זיי גיבן ניט; בבֿן אָדם שאין לו — דווקא א ן
(פֿון) דעם וואָס האָט ניט צו פֿיל, תּשועה —
ליגט (קאָן קומען) די הילף„. שפּאַסיקער
איינטייטש: „אַ, ת, — דו זאָלסט ניט רייטן, ב, —
אויף אַ זאָטל, שאין לו תּשועה — וואָס האָט
ניט קיין סטרעמעניעס, תצא רוחו — טוט אַ
בלאָז אַ ווינט, ישובֿ לאַדמתו — פֿאַלסטו אַראָפּ
אויף דרערד; ביום ההוא — אין יענעם טאָג,
אבֿדו עשתּנותיו — קענסטו סאַרלירן דיינע

-

הויזן“.

אַל תבֿכּו למ ... [... טיוקו לעמיי'ס...]
זאַץ. תּח. <ירמיה, כב, 10. 'איר זאָלט ניט
וויינען אויפֿן טויטן', תּי. [סוף פּסוק: „בכו בכוֹ
להולך“ — וויינען ווײנט אויף דעם וואָס גייט
אַוועק.] דער נבֿיא רעדט וועגן די מלכים יהויקים
און צדקיהו. [דער קעלמער מגיד, האָט געזאָלט

מספּיד זײַן אַ גבֿיר פֿון שטאָט; האָט ער זיך
דערוואוסט אַז דער נפֿטר האָט איבערגעלאָזט
צוויי זין רשעים און מוסרים. האָט ער
אָנגעהויבן דעם הספד▯ אַ, תּ, ל, — ווײנט ניט אויפֿן
טויטן, נאָר בּ, בֿ, ל, — טײַטשן אונדזערע
חכמים: ווײנט אויף דעם וואָס גייט אַוועק אָן
קינדער; דעריבער, רבותי, ווײנט טאַקע אויפֿן
נגיד וואָס איז אַוועק אַליין און האָט ניט
מיטגענומען זײַנע בנים מיט זיך.]

1397

אַל תּגידו בגת — [... טאַגידו בּייגאַס] זאַץ.
תּח. <▯מואל ב, א, 20. „ניט דערציילן זאָלט
איר אין גת', תּי [די פּלשתּים זאָלן זיך ניט
דערוויסן אַז די בּני־ישׂראל האָבן געליטן אַ
מפּלה אויפֿן שלאַכטפֿעלד]. פֿון דעם: אַ, תּ,
בּגאַס. געניצט ווי: א) אַ בּאַוואָרעניש אַז דער
ענין פֿאָדערט דיסקרעציע. דזוו ניט אויסזאָגן
פֿון חדר, זאָל עס בלײַבן צווישן אונדז; בּ) ניט
אויפֿרײַסן יענעמס אויגן. „מסתּמא צוליבן אַ,
תּ, בּ'... בּאַקלאָגט זיך אויף די לוקסוסן פֿון
זייערע אייגענע מענטשן און אויפֿן אַרט אָנטאָן זיך
פֿון די פּרויען“, בצג, טמז, 17 X 1968. „אַ, תּ,

בּ, — מאַכט א שוויַיג!“ פֿוול. „אַ, ת, בּ, —

—

ווערסט אַליין ניט ווערן צו שפּאָט און צו שפּאַס“,
שוו.

אַל תגזל דל — [... טיגזאָל דאַל] זאַץ. תּח
<משלי, כב, 22. 'זאָלסט ניט בּאַגזלען דעם
שוואַכן', תּי. געניצט מיטן בּ: ניץ ניט אויס די
פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע פֿון עמעצן.

אַל תגעו בּמשיהי — [... טיגו בּימשיכאָי]
זאַץ. תּח. <תּהלים, קה, 15. ,איר זאָלט ניט
אָנרירן מיַינע געזאַלבּטע„, תּי. אויך: אַ, תּ,
בּמשיחי [בּימשיכי, אצ]. געניצט ווי אַ וואָרנונג:
א) ניט אָפּצופֿרעגן די אויטאָריטעט פֿון העכערע
אינסטאַנצן; בּ) ניט אָנצורירן אַ סאַרהייליקטע

דאָגמע, טראַדיציע, איַינגעשטעלטע נאָרמע;
ג) זיך ניט צו פֿאַרטשעפּען מיט אַ גדול אָדער
מאַכטהאָבּער. „אַ תּ, בּ,! רירט ניט אַן זיַין

מורנו,,. "עד כּאַן! אויף מער פּשרות וועל איך
ניט אײַנגיין, אַ, תּ, בּ',,. "אַ, תּ, בּ, — דער רבּי
מעג□", פֿוול. ,,[שיר־השירים] האָט געזאָלט
פֿאַרניכטעט ווערן איז... אַרויס אַ בּת־קול: אַ, תּ,
בּ'!", פּרץ, 'פֿאָרוואָרט'. ,,אַ, ת, בּ, — אלו תּ□..
נוקות של בּית־רבּן", שבּת, קיט/ב = קינדער
וואָס לערנען קומען אין דער ערשטער ריי,
זײַנען בּילכער.
אַל תדין את הבֿרך — [... טאָדין עס
כאַווייִרכאָ] זאַץ. תּח. <אָ□ות, ב, ה. הללס
מימרא: 'משפּט ניט דײַן חבֿר, [צווייטע העלפֿט:
'עד שתּגיע למקומו, — 'בּיז דו קומסט ניט
אויף זײַן אָרט']. מע טאָר ניט משפּטן קיינעם,
כּל־זמן מע דערפֿילט ניט אין וואָסער מצבֿ ער
געפֿינט זיך (האָט זיך געפֿונען). מע דאַרף האָבּן
אײַנזעעניש פֿאַרשטיין יענעמס לאַגע. ,,
תורת□
משה ווייסט ניט פֿון קיין שטראָף אַלס נקמה...
און אַ, תּ, א, ח, ע, ש, ל',,, פּרץ, ,ראָש־חודש'.
אַל תדמי בּנפֿשך — [... טעדאַמי
בּענאַפֿשייך] פֿראַזע. תּח. <אסתּר, ד, 13. 'זאָלסט
ניט מיינען בּײַ זיך, [צווייטע העלפֿט: ,,להמלט
בּית המלך מכּל היהודים" — 'אָז דו פֿון אַלע

ייִדן וועסט אַנטרונען ווערן אין מלכס הויז,,

תּי.] דאָס האָט געוואָרנט מרדכי אסתּרן, בעת זי האָט אים געלאָזט וויסן אַז עס איז שווער צו פּועלן בײַם קעניג ער זאָל בטל מאַכן די גזירה. ,,אַ, ת, בּ אַז אין אַסימילאַציע ליגט די ישועה״.

,

,,אַ, תּ, בּ אַז די סכּנה איז אַריבּער״. שפּאַסיק:

,

פֿונוואַנען איז געדרונגען, אַז אסתּר איז געווען אַ זקנה? עס שטייט דאָך בּפֿירוש: אַ, תּ, — אַלטע דאַמע.

 אַל תהטאו בילד

אַל תהי בז לכל אָדם — [... טעהי בּאָז לעכאָל אָדאָם] זאַץ. תּח. <אָבֿות, ד, ג. בּנעזאיס אַ מימרא: 'פֿאַראַכט ניט קיין מענטשן', ד,,ה אויך ניט דעם סאַמע פֿאַרשטויסענעם, דעם כּלומרשט מינערווערטיקן. ,,אַ, ת, בּ, לכל אָ, — פֿאַרשעם ניט דעם ,גאַנצן, מענטשן, אַפֿילו ווען ער האָט אַ חסרון, האָט ער אָבער אויך פֿיל מעלות טובֿות״ [אײַנטײַטש פֿון 'שׂפֿת־אמת'].
פּאַראַפֿראַזירט: אַ, תּ, בּ, ל, בשׂר [בּאָסאָר = באשעפֿעניש פֿלייש] — ,,ווי זאָגט ער: אַ, תּ,

—
,
בּ, ל, בּ, — וואָס איז דער טײַטש: אַז מען עסט
ניט קיין קנאָבל, הערט זיך ניט נאָך קנאָבל“,
שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.
אַל תהי בּרכּת הדיוט קלה בּעיניך ־—
[... טעהי בּירקאַס (בּירכאַס) העדיאָט קאַלאָ
בּייאיינעכאָ] זאַץ. תּח. <מגילה, טו/א. ,זאָל
די בּרכה פֿון אַ פּשוטן מענטש ניט זײַן גרינג
(מינערווערטיק) אין דײַנע אויגן'. ,,האָט ר,
ישעיה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: אַ, תּ, בּ,
ה, ק, בּ,... מיר פֿאָרן“, מ. ריבֿקין, דער
װעלוזשער בּלוט־בּלבּול, ווילנע 1914. אויך: אַל תּ,
קללת ה, ק, בּ, — דאָרטן.
אַל תהיו כסוס כּפֿרד — [... טהי־יו קייסוס
קייפֿערעד] זאַץ. תּח. <תּהלים, לבֿ, 9. איר
זאָלט ניט זײַן וו אַ פֿערד, ווי אַ מוילאייזל', תי
י
,,אַ, תּ, כּ, כּ, — זײַט ניט קיין פֿערדישע קעפּ“.
רעטעניש וואו געפֿינט זיך אין תּנך אַז סוס
איז דער טײַטש פֿערד. אַ, ת, כּ, כּ'....

אַל תהי תכם בּעיניך — [... טעהי כאָכעם
בּייאיינעכאָ] זאַץ. תּח. <משלי, ג, 7. 'זאָלסט
ניט זײַן אַ חכם אין דײַנע אויגן', תּי. האַלט זיך

ניט פֿאַר אַ צו גרויסן (אַ גאַנצן) חכם. „אַ, תּ,
ח, בּ, — זײַ ניט קיין קנאַקער, ווײַל דו קאָנסט
זיך בּאַנאַרישן (פֿאַרלירן די נון)“.

אַל תהי צדיק הרבּה —-- [... צאַ'דיק
האַרבּיי] זאַץ. תּ□ו. <קהלת, ז, 16. 'זאָלסט ניט
זײַן צו פֿיל צדיק, [סוף פּסוק: „ואַל תּתחכּם
יותר„ — און זאָלסט זיך ניט קליגן איבּעריק].
וואָס צ ו איז ניט געזונט, אַפֿילו ווען עס
קומט צו צדקות. דזוו זײַ ניט קיין 'וצדקתך'.
„א, ת, צ, ה, — לויף צו מצוות גרינגע„ [וָוש:
הרבּה — האַרבּע].

אַל תזכּ(□)ר לנו עוונות ראשונים □——.
[... טיזקויר לאָנו אַוואוינעס רישוינים] זאַץ.
תּח. <תּהלים, עט, 8. 'זאָלסט אונדז ניט
דערמאָנען די זינד פֿון די פֿריִערדיקע', תּי. געניצט
אויך מיטן בּ: די אַמאָליקע עבֿירות, חטאת
נעורים.

אַל תהטאו בּילד — [... טעכעטו בּאַיעלעד]
זאַץ. תּח. <בּראשית, מב, 22. ,פֿאַרזינדיקט
אײַך ניט אָן דעם ייִנגל', תּי. [ראובֿן דערמאָנט
זײַנע בּרידער אַז ער האָט זיך געבּעטן זיי □אָלן
יוספֿן ניט טאָן קיין שלעכטס.] געניצט מיטן בּ:
בּאַגייט ניט קיין עוולה, טוט ניט קיין אומרעכט

(ספּעצ וועגן קינדער, וועגן שוואַכע). ״אַ, ת, בּ, — העלפֿט אָרעמע קינדער „, אַ פּלאַקאַט אין קאָוונע, 1922. ״אַ, תּ, בּ, פֿאַרזינדיקט ---

איך ניט אין קינד„, צבֿי שובֿער, קענאָ, 1968 .I 8

אַל תירא עבֿדי יעקבֿ

אַל תירא עבֿדי יעקבֿ — [... טיראָ אַוודי יאַקויוו (יאַנקעוו)] <ישעיה, מד, 2; ירמיה, ל, 10 אאַ. 'זאָלסט ניט מורא האָבן, מײַן קנעכט יעקבֿ„, תּי. אַ רעפֿריין בײַ די זמירדת וואָס מע זינגט שבת־צונאַכט נאָך 'איש חסיד היה'. „אָמר ה, ליעקבֿ: אַ, תּ, ע, י'„. „שבת אָל אים זײַן ווײַבֿ אָדער זײַן טאָכטער שפּילן זמירות... אַ, ת, ע, י״״, יהל, קאָלאַניסטן II, וואַרשע 1889. ״מיט איינמאָל איז אים דער פֿריילעכער אַ, ת, ע, י, אַראָפּגעפֿלויגן פֿון די ליפּן״, בּ. דעמבלין, צוק, סעפּט, 1958.

גענוצט צו הייבן די האָפֿענונג, מע זאָל זיך ניט מייאש זײַן, אין אַ שווערן מצבֿ בײַם כּלל אָדער פּרט. ״כ'האָב געפֿרעגט חיים ווייצמאַנען: וואָס זאָל איך זאָגן די ייִדן אין זײַן נאָמען? —

זיי זאָלן געדענקען דעם פּסוק אַ, ת, ע, י',,, דר, אַריה ל. קובֿו□י, טמז, 5□19 □י□ 27. ,,אַ, תּ, ע, י, — יעקבֿ, זײַ ניט קײַן פּחדן".

אַל תסתכל בּקנקן — [... טיסטאַ'קײַל באַקאַ'נקאַן] זאַץ. תח. <אָבֿות, ד, כה. 'קוק ניט אויף דעם קרוג, [צווייטע העלפֿט: ,,אלא בּמה שיש בּו" — נאָר אויף דעם וואָס איז אין אים; ר, מאיר'ס אַ מימרא]. געניצט מיטן בּ: משפּט ניט אַ מענטש לויט זײַן אויסזען, נאָר תּ, בּ, — קוק ניט, חכם מײַנער, אַהין וואו מע אַ ווערליג זײַן כאַראַקטער, זײַנע אויפֿטוען. ,, אַ,

---- □

דאַרף ניט", שע, טבֿיה.

אַל תען כּסיל כּאולתו — [... טאַאַן קסיל קייאיוואַלטוי] זאַץ. תח. <משלי, כו, 4. 'זאָלסט ניט [אָפּ]ענטפֿערן דעם נאַרן אַזוי ווי זײַן נאַרישקייט', תּי. געניצט מיטן בּ: לאָז זיך ניט אַרײַן אין אַ וויכּוח מיט אַ שוטה; ענטפֿער ניט אָפּ עמעצן וואָס איז אינטעלעקטועל נידעריקער. ,,אַל ת, כּ, כּ, — פֿאָר ניט קיין בּויבּעריק, בּלײַבּ אין בּאַלטע,,, פֿוול.

אַל תפּל דבֿר — [... טאַפּייל דאָוואָר] זאַץ.

תּח. <אסתּר, ו, 10. 'זאָלסט ניט מינערן אַ

אָ
אַלץ וואָס דו האָסט גערעדט; דאָס האָט געזאָגט
וואָרט, [סוף פּסוק: ''מכּל אַשר דבּרתּ'' פֿון

-

אַחשוורוש צו המנען, ער זאָל גאָרניט פֿאַרפֿעלן
פֿון צערעמאָניאַל אָנצוטאָן כּבֿוד מרדכין].
געניצט מיטן בּ: זאָלסט אַלץ פּינקטלעך דורכפֿירן,
אָדער גענוי איבּערגעבּן. ,,ווי זאָגט ער: אַ, תּ,
ד, — כּאַטאַ פּאָקרישקע,,, שע, יקנה,,ז.
אַל תּפֿרוש מן הצבּור — [... טיפֿרויש מין
- כּלל, [הללס אַ מימרא]. אַ מענטש אַ
האַציבּור] זאַץ. תּח. <אָ ות, בּ, ה. 'שייד זיך

ניט אָפּ פֿון
זאָל זיך ניט אָפֿזונדערן אין זײַנע ד, אמות, נאָר
ער זאָל צוטראָגן זײַן בײַשטײַער צו דער
געזעלשאַפֿט. געניצט בײַם אַרײַנציִען אין אַ
געזעלשאַפֿטלעכער אַקציע, בײַם ווערבירן מיטגלידער
אין אַ חבֿרה, בײַם קלײַבן נדבֿות אע. שפּאַסיק
און אומאיידל: „אַ, תּ, מ, ה, — זעסט אַלע
גייען משתּין זײַן“.
אַל תּפֿתּה פּה לשׂטן — [... טיפֿטאַך פּע
לאַסאָטן] זאַץ. תּח. <לויט בּרכות, יט/א. 'עפֿן
ניט אַ מויל צום שׂטן'. געניצט מיטן
אַלגעמיינעם בּ: מע מוז תּמיד זײַן אָפּגעהיט מיט רייד, אַ
זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט וואָס איז עלול

1393

צו בּרענגען שאָדן. ספּעצ. מע טאָר ניט, מע דאַרף
ניט בּרענגען פֿאַרן מויל אַ קללה, אַן
אָנצוהערעניש, אַ רמז אויף אַן אומגליק, אַ צרה אע.
מע זאָל ניט אויסלייגן אויף שלעכטס. [איבּערן
גלויבּן אין כּוח פֿון וואָרט וואָס קאָן משפּיע זײַן
אויף געשעענישן.] „איך רוייס, אַ, תּ, פּ, ל'! זי
וועט זיך חלילה טויפֿן„, קמ, 16 1868, No.
„ווענסטו אָבּער, אַ, ת, פּ, ל', אַוועקלאָזן דעם וועג

וואָס איז ליכטיק און גיין אין אַ וועג פֿון
פּינצטערניש", יד, אבֿן נגף. „ווייס גאָט וואָס דיר
קאָן זיך אָפּדוכטן. עס קען זיך דאָך אָבער, אַ,
ת, פּ, ל', טרעפֿן אויך", טויבע סעגאַל, עולם
המע)ה, וואַרשע 1883. "און וואָס וועט זײַן מיט
זײַן ווײַב... און מיט... די יתדמים, טאָמער
חלילה וחס... אַ, ת, פּ, ל'", שע, מע)יות און
פֿאַנטאַזיעס. „אַ, ת, פּ, ל, זאָג איך — ניט
דערהאַרן וועלן עס מײַנע שׂונאים", שע, ט יה.
פּפּ: אַל יפּתּה אדס פּה לשׂטן — „מו.ז
מען די צונג אײַנהאַלטן און ניט לאָזן לויפֿן
צום שלעכטן חס ושלום, דען די הייליקע גמרא
זאָגט אַ, י, א, פּ, ל'" [אַנשטאָט פּיו], מ. מ , דער
פֿאַלשער אליהו הנ רא, וואַרשע תּרס"ג.
פּאַראַפּראַזע: אַ, ת, פּ, לאָמון [לייאָסון] — צום
אומגליק [אויפֿן סמך: „ויפּתח ה, את פּי האָתון",
במדבר, כב, 28].
ל תקרא הלכות אלא הליכות —
[... טיקראָ 'האַלאָכעס, עלאָ 'האַליכעס] זאַץ.
תּח. <מגילה, כח/ב: לייען ניט הלכות (
געזעצן) נאָר הליכות (לעבנס־גאַנג, פֿאָלק־
שטייגער, אויפֿפּיר). געניצט מיט בבֿ: א) געזעץ טאָר
ניט בלײַבן פֿאַרשטיינערט, נאָר מוז זיך צופּאַסן

צו די אומשטאַנדן און רעפֿלעקטירן די ענדערונגען אין דער געזעלשאַפֿט; בּ) די געלערנטע הלכות דאַרפֿן ווערן סאַרקערפֿערט אין געלעבּטע
-

פֿירונגען. „בּײַ אים איז געווען אַ, ת, ה, א, ה, — זײַנע הלכות זײַנען... געווען... דינאַמישע, ער האָט זיי אַרויסגעטראָגן אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבּן“, הלל זײַדמאַן, טמז, 17 IX 1968.
ל תקראנה לי נעמי — [... טיקרענאָ... נאָאָמי] זאַץ. תּח <רות, א, 20. ,איר זאָלט מיך ניט רופֿן נעמי', תּי. געניצט מיטן בּ: איך בּין ניט ווי אַמאָ'ל, ניט דער זעלבּיקער, אַראָפּ פֿון גדולה. „אַ, תּ, ל, נ, — איך בּין אויסגעשפּילט„; “אַ, תּ, ל, נ, — ניטאָ אַמאָליקע יאָרן“; „אַ, ת, ל, נ, — איך בּין אויס קאַפּעליושמאַכער“.
ל תקרי 'בּניך, אלא 'בּוניך, — [... טיקריי בּאָנאַייִך עלאָ בּוינאָייִך] פֿראַזע. תּח < בּרכות, סד/א. 'לייען ניט 'בּניך, [דײַנע קינדער] נאָר 'בּוניך, [דײַנע בּויערס], בּאַזירט אויף ישעיה, נד, 13: וכל בּניך למודי ה, ורבֿ שלום בּוניך'. געניצט אונטערצושטרײַכן אַז פֿון יונגן דור וועלן אויסוואַקסן די צוקונפֿטיקע בּויערס

פֿון פֿאָלק און זיי וועלן ממשיך זײַן די קולטור
פֿון די פֿריִערדיקע דורות. „אַ, ת, בּ, א, בּ, —
זאָג ניט דײַנע [קינדער], זאָג דײַנע בּויער“, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען.

ל תראוני שאני שהרהורת — [...
טירוני שעאַני שכאַרכוירעס] זאַץ. תּח <שיר

השיאַל תשליכנו לעת זקנה

רים, א, 6. ‚ניט קוקט מיך אָן וואָס איך בּין
שוואַרצלעך', תּי. געניצט מיט בּבּ: א) רעכנט
זיך ניט מיט מײַן אויסזען, מיטן ערשטן
אײַנדרוק וואָס איך מאַך; בּ) נעמט ניט אין
בּאַטראַכט מײַנעם אַ חסרון. „אַ, תּ, ש, ש,... דאָס
האָט דער גלות מיך פֿאַרשוואַרצט“, י. א. קאַצאָ
וויטש, 60 יאָר לעבּן. פֿטמ אויסטײַטשן: „אַ, תּ,
ש, ש, — אָבּער די כּלה האָט געלט„; „אַ, ת, ש,
ש, — זי איז אַ שוואַרץ־חנעוודיקע„.

אַל תרבּה שׂיחה עם האשה — [.. טאַרבּע
סיכאָ אים האָאי'שאָ] זאַץ. תּח. >אָבֿות, א, ה.
'רעד ניט פֿיל מיט דער פֿרוי, [די משנה גיט צו:
„בּאשתּו אמרו, קל וחומר בּאשת חבֿרו„ —
ס'רעדט זיך דאָ וועגן דער אייגענער ווײַבּ,
אַפֿשיטא ניט מיט דער פֿרוי פֿון אַן אַנדער

מאַן]. גראָבֿלעך: אַ, תּ, שׂ, ע, ה', יאָ — יאָ, ניין
— ניין! אַל תרבה שׂיהה — פּלאַפּל
ניט, נודיע ניט; אַ, תּ, שׂ, — האַק ניט קיין
טשײַניק.

אַל תרדוף אַהר כּבֿוד — [... טיר'דויף
אַ'כאַר קאָ'וועד] זאַץ. תּח <דרך ארץ זוטא, ב.
'יאָג זיך ניט נאָך כּבֿוד', זײַ ניט קיין
כּבֿודזוכער. ,,אַל תּ, אַ, כּ, — אָבער אַ גרויסע נדבֿה
מעגסטו געבן“.

אַל תשכה — [... טישקאַה זוו פֿראַזע. תּח
.
<דבֿריס, ט, 7 אאַ. ,זאָלסט ניט פֿאַרגעסן'.
געניצט ספּעציעל בײַ געוויסע היסטאָרישע
געשעענישן. ,,אַל ת, — פֿאַרגעס ניט — [די
יִדישע קאַטאַסטראָפֿע] שרײַט אַרויס פֿון יעדן
פֿענדזלשטריך“, ש. איזבאַן, טמז, 1965 I י 21.
אויך: “געדענק — אַל ת“‘; ,,מזומנים איז
בעסער ווי דער אַל־תּ',,.

אַל תשלה ידך — [... טי'שלאַך יאָ'דכאָ] זאַץ.
תּח. <בּראשית, כב, 12. ,זאָלסט ניט
אויסשטרעקן דײַן האַנט', תּי. [דאָס האָט געזאָגט
דער מלאך צו אַבֿרהמען וועגן יצחקן.] געניצט
וו אַ וואָרענונג, אַן אָפּשרעק ניט אָפּצוטאָן
י

עפּעס וואָס קען זײַן פֿאַטאַל. „איז געקומען דער ניסימדיקער רוף פֿון גאָט: אַל ת, י'...
ס'איז בלויז געווען אַ נסיון“, מ. קאַליקשטיין, איק ראָש השנה, תּשכּ„ח. “אַל תּ, י, — אָן הענט!“. „אַל ת, י, אין מײַן קעשענע“. „אַל תּ, י, —... [אַוועק, פּטשיק] קאָטער פֿון דער פּוטער„, שע, טבֿיה. שפּאַסיק. פֿונוואַנען איז

—---.

געדרונגען אַז אַ חזן גיט מען ניט אָפּ קיין שלום־עליכם? — ווײַל אַ חזן איז דאָך אַ נאַר און ס'איז דאָ אַ בפֿירושער פּסוק — אַל ת, י, אַל הנער“.

אַל תשליכנו לעת זקנה — [... טאַשליכיינו לייאייס זיקנע] זאַץ. תּח. <תּהלים, עא, 9:
'זאָלסט אונדז ניט אַוועקוואַרן אין צײַט פֿון זיקנה'. אַ טייל פֿון דער תּפֿילה 'שמע קולנו,

וואָס מע זאָגט צו סליחות און אין מנחה פֿון יום־כּיפּור. דריקט אויס אַ געבעט אַז דער אייבערשטער זאָל אונדז דערהאַלטן בײַ די כּוחות. מיר זאָלן ניט פֿאַלן צו לאַסט אויף דער עלטער און ניט דאַרפֿן אָנקומען צו קיינעם. „אַל תּ, ל, ז, — נאָר ניט ווערן עובֿר־בטל„.

אַל תשׂמה ישׂראל

געקירצט: אַל תשליכני — „מע טאָר דאָך
ניט זינדיקן, ווי שטייט דאָרט? אַל ת„„ אָפּאָ,
אין די פּוילישע וועלדער.
אַל תשׂמה ישׂראל — גיל כעמים —
[... טיסמאַך ייִסראָעל... קאָאַמים] זאַץ. תּח.
<הושע, ט, 1. 'ניט פֿרייען זאָלסטו זיך,
ישׂראל, מיט שׂמחה אַזוי ווי די פֿעלקער„ תּי.
געוויינלעך פֿאַרקירצט: אַל ת, י, — פֿריי זיך
ניט, ייִדעלע!„; „אַל ת, י, — דו האָסט נאָך ניט
קיין פּראַוועס„; „אַל ת, י, — מע דאַרף נאָך
אויסגעבן קינדער„..
אַל תתהלל ביום מהר — [... טיסהאַלייל
בי־יוים מאָכאָר] זאַץ. תּח. <משלי, כז, 1. 'זאָלסט
זיך ניט רימען מיט דעם מאָרגנדיקן טאָג',
תּי [צווייטע העלפֿט: "כי לא תדע מה ילד יום„ —
ווײַל דו ווייסט ניט וואָס אַ טאָג וועט געבערן].
געניצט מיטן בּ: מע טאָר זיך ניט גרויס האַלטן
מיט דעם וואָס מע רעכנט ערשט אויפֿצוטאָן.
"ווי זאָגט איר? אַל ת, בּ, מ, — אַ מענטש
טראַכט און גאָט לאַכט", שע, טבֿיה.
אַל תתיאש מן הפּורעניות — [...

טיסיאָאייש מין האַפּוראָניעס] זאַץ. תּח. <אָבֿות, א, ז.
,זײַ זיך ניט מייאש פֿון פּורעניות,. געניצט מיט
בּבֿ: א) אויבֿ דו געפֿינסט זיך אין אַ צרה —
פֿאַרליר זיך ניט, די ישועה קען קומען
כּהרףעין; בּ) זאָלסט ניט מיינען אַז בּייז וועט דיך
אויסמײַדן. ,,אַל תּ, מן ה, — דז איז... צו פֿר
ש .ן דז זיך דער מענש אויז זײַן זין זאַל
שלאגין דז אים קיין בּיזר ווינט אונטר זײַנה
אויגן ווערט בּלאזין,,, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן
העלער, כּ״י, 'מגילת איבֿה', 1703. ,,אַל תּ, מן ה,
— עס וועלן נאָך זײַן צרות״.
א״מ — ר״ת פֿון: אָבֿ מורי, אָבֿינו מלכּנו,
אהלמועד, אהל משה, אלו מציאות, אַל מלך.
אַם — די, ־ען. Mhd: a פֿרוי וואָס
דער.
נערט מיט איר בּרוסט אַ זויגקינד, ניט איר
אייגנס. ,,אַם־מינקת״, אבֿ, שמות דבֿרים.
,,ס'האָט אַ טעם ווי אַ מויד אַן אַם,,; ,,ער איז
אַזו אַ בּחור ווי ד אַם איז אַ מויד,, פֿוול.
׳ ׳ ,
,,דער עפּל נאָך דעם שטאַם, דאָס קינד נאָך דעם
אַם,,, [שוין אין בּראַנט אאַ פֿון 17. און 18. י,,ה.
בּײַ א. בּערנשטיין:] ,,דאָס עפּעלע געראָט נאָך
דעם שטאַם, דאָס קינד געראָט נאָך דער אַם,,,

שוו. „אַ שלעכטע אַם איז פֿאַרן קינד סם“; „אַן אָם זיצט קיין שבֿעה ניט„; „די פּרנסה פֿון אַן אַם איז מיט אַ טראָפּן סם„; „אַ ליטוואַק נעמט זיך אונטער אַפֿילו אַן אַם צו זײַן„, שוו פֿפֿ:

בּריסטן ווי בּיי אַן אַם.
„ער האָט געגומען אַ מיידעלע פֿון זעכצןזיבּעצן יאָר און האָט פֿון איר אַן אַם געמאַכט“, פֿל. [„ר, אלי, המדקדק שרײַבּט אין זײַן ספֿר מתורגמן אַליר ווענין גיפֿינט מן פֿיל ווערטיר אים טײַטשן דיא נאהנט בּײַא צו לשון הקודש קומן אַז ווי... איין זייג אַם הייש̇ן דיא אַם...„, צמח דוד פֿ דמ, תנ„ח]. „מע

מוז פֿאַרן קינד אַן אַם בּאַלד דינגען, דאָס ווײַבּל קען נאָר וויגן און זינגען“, גאָר, שירי — יודישע לידער. „די קינדער־שטערבּלעכקייט איז צווישן די קינדער וואָס ווערן געזויגן דורך

אָמען, מער ווי אין זעקס מאָל גרעסער„ פֿגעז,

ווילנע 2 No. ,1928. „ס'איז לײַכטער צו מאַכן

פֿון אַ רבֿ אַן אַם איידער אים אויסצולערנען אַ
ביסל דקדוק", מ)כילישער זאָג. פֿיג. ,,די ייִדישע
פֿרוי איז געווען די הייבֿאַם און ד אַם פֿון דער
י
ליטעראַטור אויף ייִדיש", שנ, די ייִדישע
ליטעראַטור און די לעזערין. אַם־ג ע ל ט —
,,... האָבן זיי דאָס קינד צו אַן אַם אָפּגעגעבן
און אַם־ג, לעגן זיי מיט דער פֿאַציילקע
אויפֿמאַכן,,, א. י. סאַפּיר, דער קליינער קאַטערזניק,
ווילנע 1883. אַמען־ש ל אָ ף — ,,דער
אַזויגערופֿענער אַ'־ש,, ווען ד אַם בלייַבט אין
ראַי
פּאָרט מיטן קינד און נאָר פֿון אים קען זי
אויפֿגעוועקט ווערן,,, מוו איבז פֿרויד, אַרײַנפֿיר
,
אין פּסיכאָאַנאַליז II.
אַם — קאָנ. אַרכ. 1. בּ יַ ם. ,,ער אַשׂ איין
שטוק ברוט און, מוכט ניט מין... אַם קעז
האָט ער שיר אויז גיבּרוכן די צין", בבֿא־בוך,
224. ,,און, וויא זיא זול פֿר הלטן אַם טיש...
און, נאָך טיש דאז וויל איך אַלשׂ בזונדר
שרייַבן", בראַנט, פּרק ח. 2. א ו ם. ,,און, מן
איז זיך טובֿל אַם ערבֿ יום כּפּור פֿון קרי,,,
צאינה, קנח/א. 3. צ ו ם. ,,אולא — אַם

ערשטין וויל איך נעמן דרלייבֿא און,
דערלייבֿנש“, 'אַקדמות אין עבֿרי־טײַטש', פֿירט 1694
[פֿש III].

אַם ע נ ד ע = לסוף, צום סוף. „אַם ע, דאַרף איך זיך זעצן נאָך דיר טרויערן“ פֿל אַם

,

פּ ל אַ ץ — „די פֿראַגע איז (ני̓ט) אַם פּ,“ =
(ניט) צו דער זאַך, (ניט) אויפֿן ר □ כטיקן אָרט.

אַמ־ — פּרעפֿיקס צו שאַפֿן דעם סופּערלאַטיוו פֿון אַדוו. אַרכ. מייִ. פּד. אין כלל־שפּראַך באַטראַכט ווי דטשמ. דוגמאָות: אַמאָפּֿטסטן, אַמבֿולטסטן, אַמווייניקסטן, אַמגעפֿערלעכסטן, אַמהערלעכסטן, אַמשווערסטן, אַמגערנסטן, אַמדײַטלעכסטן, אַמטיפֿסטן, אַמנאָ(ע)נטסטן, אַמפּראָדוקטיווסטן, אַמפּֿולסטן, אַמפּֿליסיקסטן, אַמראַציאָנעלסטן, אַמשנעלסטן, אַמשפּעטסטן, אַמשפּרודלדיקסטן אאַזוו. [אַ צאָל אָפּֿטערע פֿאָרמען ← ווײַטער].
„ווען די נויט איז אַמגרעסטן איז גאָט אַמנעכסטן (נאָהענטסטן)“, אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע 1868. „ווען איך זוך אין דער טיפֿעניש פֿון מײַן וועזן דאָס וואָס איז אַמגלײַכמעסיקסטן, אַמבֿאַשטענדיקסטן און אַמדויערהאַפֿטסטן אין מײַן איך...„, וו. נאטאַנסאָן איבֿז, אַנרי בערגסאָן, אַרײַנפֿיר אין דער

מעטאַפֿיזיק, וואַרשע 1923.
אָם — <איי <סאַנסקריט. אַ הייליק וואָרט
פֿון הינדואיזם וואָס דריקט אויס בּראַמאַ אָדער
וועלטבּאַשאַף, ווישני אָדער אויפֿהאַלט און סיוואַ
אָדער צעשטערונג, גלײַכצײַטיק אויך: דאָס וואַך
זײַן, דאָס חלומען און דאָס שלאָפֿן. „עס לײַכט
דורך דער גאָרנישט דער גרויסער... דער
וואָס זײַנע קינדער שטייען בּלינדע פֿאַר זײַן
תּהום, וואָס דער אינדער רופֿט אים אָם, דער
מקובל אֵין“, צײַט, 'דנאָען'.
אָם — דער, ־ען. מאָס פֿון עלעקטרישן ווידער
שטאַנד פֿאַר אַן איינס פֿון ווידערשטאַנד האָט

-

- — □ —.

מען אָנגענומען דעם ווידערשטאַנד פֿון אַ

קוועקאַמאַ□אָ□ע

זילבּער־זײַלעכל 106 צמ. די לענג מיט דעם
קווערשניט פֿון 1 קוו, מילימעטער, בּײַ דער
טעמפּעראַטור פֿון □0. דאָס איינסל רופֿט זיך

אָן 'אָם, [Olןm]“, ש. האָפּשטיין, מאָטאָר פֿונ
אינערלעכ אויסבּרענען, קיִעוו 1932.

אמא — [אימאָ] די. א“י. מאַמע. מוטער.
פֿאַרצערטלט: א'לע. „איך וועל דערציילן א'„. „וואו
איז א„?“. “א'לע, קויף מיר גלידה!„. „א„
אויסגעדאַרטע א', דורך פֿײַערן געהייליקטע, מאַמע
מיך אײַן ווי איך שטיי און גיי“, א.
שומאַטשער, גק, No 41. [□ אמהו□].

ו

אם אָדם הטא, בּהמה מה הטאה? —
[אים אָדאָם כאָטאָ, בּעהיימע מאַ כאָטאָ?] זאַץ
תּח. <סנהדרין, נד/א; רשי, ויקרא, כ, 15.
,אויבֿ דער מענטש האָט געזינדיקט, וואָס האָט
די בּהמה געזינדיקט?'. געניצט מיטן בּ. הלמאַי
זאָלן אומשולדיקע (קינדער) אָפּקומען פֿאַר די
זינד פֿון שולדיקע (עלטערן)?
אָ'מאַהאַ — דער, ־ס. 1. נאָמען פֿון אַן
אינדיאנישן שבֿט פֿון צפֿון אַמעריקע און אַ

מיט

-

גליד פֿון דעם שבֿט. אַן איבֿערבֿלײַבֿ פֿון די אָ'ס
(קרובֿ 2,000 נפֿשות) לעבֿן נאָך הײַנט אין
שטאַט נעבֿראַסקאַ. „דורך די פֿרייריס, איבֿער
טײַכן, זײַנען קריגסלײַט אָנגעקומען, די
קעמענטשעס און די טשאָקאָס... די אָ'ס און די
פּאָניס“, יהואָש, איבֿז, הײַאַוואַטאַ. 2.
וויכטיקסטע שטאָט אין שטאַט נעבֿראַסקאַ, ייִדן —
□)6,50 (1968).

אַמאַזאָ'ן — דער. גנ. מעכטיקער
וואַסערשטראָם אין דרום־אַמעריקע, לענגסטער טײַך
אין דער וועלט (7,000 קמ'); פֿליסט אַרויס פֿון
ד אַנדעס־בערג, שנײַדט דורך פּערו און גאַנץ
ָ
בראַזיל און פֿאָלט אַרײַן אין אַטלאַנטיק.

אַמאַזאָנIע — די, ־ן (־ס). >איי >גר.
אָנ,
בּרוסטיקע'. 1. (גריכישע מיטאָל') □ פֿרוי פֿון
אַ לעגענדאַרער פֿעלקערשאַפֿט פֿון לויטער
פֿרויען וואָס האָבן גע□ ירט אַ קריגעריש לעבן.
„אַמאַצאָנקעס ווערן אָנגערופֿן שטרײַטנדיקע
פֿרויען... וואָס פֿלעגן צו גיין האַלבֿ מעניש
געקליידט, דאַמיט זיי זאָלן קענען שפּאַנען דעם
בויגן“, אמד, דער הירקאַן, ווילנע 1877. „די

לעגענדע פֿון די אַ'ס, וואָס נאָך דעם ווי זיי
זײַנען באַזיגט געוואָרן האָבן זיי חתונה געהאַט
און געלעבט גליקלעך אונטער דער
מענערהערשאַפֿט", ייִבל 2 .XXII, 110. איר.
הויכוואוקסיקע און אַגרעסיווע פֿרוי. 3 פֿרוי וואָס
.
רײַט אויף אַ פֿערד. אַ'ס פֿון דעם צירק ־יש
.
— אַדי. „זי האָט אויסגעזען עלעגאַנט און אַ'יש
אין איר מאַנטל", באַש, פֿאָר, 18 1967 II.
אַמאַזאָנקע — די, ־ס. 1. דזוו
אַמאַזאָנע. „בײַ אונדז הערן מיר אַפֿילו אויך וועגן
מלחמות פֿון אַ'ס. די שלאַכט עלד אָבער איז
שטענדיק די אייגענע הויז, וואו די פֿרוי שטרײַט
מיט איר מאַן וועגן אַן אַמאַזאָנען־קלייד",
בלעטער, 2 .No 42. לאַנג קלייד, צוגעפּאַסט פֿאַר
אַ פֿרוי בײַם רײַטן אויף אַ פֿערד. „ ײַ פּאָלע
קראַוועץ קען מען זיך באַשטעלן... פֿון אַ
חופּה־קלייד ביז אַן אַ',,, ז. וועגדראָף, אַפֿן שוועל
פֿון לעבן, מאָסקווע l941.

אַמאַטאָ'ר

אַמאַטאָ'ר — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. פּפֿ:
אַמאַטע'ר. <איי <פֿר. 1. ליבהאָבער

פֿון אַ קונסט. אַן אַ, פֿון גוטער מוזיק.
אָנזאַמלען אַ קאָלעקציע בילדער ווי אַן אַ'. ,,דער יונגער אַ, באַטראַכט נאָכאַמאָל די שפּיז וואָס פֿאַביאַן האָט נישט לאַנג סאַרעגדיקט", ייִז,

-

- -

אַלט־שטאָט'. 2. ספּעצ. ליבהאָבער פֿון טע

אַטער. ווער עס שפּילט אַליין טעאַטער און איז ניט קיין פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר. שפּילן טעאַטער ווי אַן אַ'. אַן אַ'ן־טרופּע. 3. ספּאָרטלער, ניט־פּראָפֿעסיאָנעלער באַטייליקטער אין אַ ספּאָרטפֿאַרמעסט. ,,דער אַ, האָט באַזיגט דעם פּראָפֿעסיאָנעלן גאָלפֿיסט,,.
4. באַגערער, בעלן אויף עפּעס אָדער עמעצן.
חובֿ בֿ. ,,מע קריגט דאָרטן אָפּט אַ שנאַפּס, אויף וואָס ער איז אַ גרויסער אַ',,, א. נורהאָם, דער מילכיקער באַל, קאַונאַס 1932. "עס האָט זיך געפֿונען אַ'ן וועלכע האָבן געוואָלט דעם יידיקן פֿלאַץ אָפּקויפֿן", פּ. ג , נסים מן השמים

לובלין 1914. “ער האָט זיך נעבעך געקוועלט מיט
דעם לערנען פֿאַר דער חתונה, אום ער זאָל
הייסן אַ לערנקינד. ער האָט געפֿונען אַן אַ', ער
האָט געקריגן 3,000 רובל נדן“, וואַרשויער
יודישע צײַטונג, 39 No ,1867. „איך האָב
פֿאַרשטאַנען דאָס זי וועט דאָרטן באַקומען אַן אַ,
וועלכער וועט וועלן מיט איר ווײַלן“, מ. ראַגער,
אַ ראָמאַן פֿון דער קליינשטעטלדיגער

ראַצע
לען, וואַרשע 1887. ־יש — אַדי. ־שאַפֿט
— די. ליבהאָבערײַ, דילעטאַנטישקייט.
־עווען — אוטוו. אַ, און בלײַבן אַ ניט־
דערבאַקענער אַקטיאָר, מאָלער אאַזוו.
אַמאַטי־פֿידל — די, ־ען. אַ פֿידל וואָס איר
טאָן איז אויסנעמיק צאַרט (געמאַכט פֿון דער
משפּחה אַמאַטי, איטאַליע, באַרימטע
פֿידלמאַכערס זינט דעם 16. י,,ה).
אַ'מאַטער אַלי'סטיש — אַדי. 1.
ניטי
פֿאַראינטערעסירט אין מאַטעריעלע
דערגרייכונגען. 2. אומאויפֿנעמיק פֿאַר דער
מאַטעריאַליסטישער שיטה. „אונדזער ייִדישקייט איז
דורכויס אַ',,, אַ. גאָלאָמב.

אַמאַי — אַדוו. <תּענית, כא/א. [← אַלמאַי.]
למאַי. צוליבֿ וואָס פֿאַרוואָס. (עמפֿאַטיש) געניצט
.
אויסצודריקן חידוש פֿאַרוואונדערונג. “אויבֿ
,
דו וועסט פֿרעגן: אַ, האָט מען די בני־ישׂראל
געציילט? אלא, מע האָט זיי ניט געציילט, בֿיז
מע האָט בײַ זיי גענומען כּופֿר־נפֿש“, נוצ II,
נו/ב. „אַ אַוועקגעבן זי אין פֿרעמדע הענט?“,
,

זש, דער ממזר. „אַ, איז וואָס? אַ מענטש...
שטאַרבט בײַ זײַן אַרבעט, פֿאַרבײַט אים דען
ניט אַן אַנדערער?“, בערג, בײַם דניעפּער.
אַ, טעמא — ← מאַי טעמא.
אם־אימהות — [איים אימאָעס] פֿראַזע.
מוטער פֿון די מוטערס. „די א־א, פֿון די...
לענדער האָט דערקלערט אַז דער מיטלענדישער
ים איז... איר ים“, אפֿא, טמז, 12 XII 1968.

▯ -

אם אין אָדם מתקן מערבֿ שבֿת — [אים

איין אָדאָם מייסאַקן מייערעוו שאַבּעס] זאַץ.
תּח. <קהלת רבּה, א, לז; רות רבּה, ג, ג.
,אויבֿ אַ מענטש גרייט ניט אָן ע□ בֿ־שבּת, [

צוויי()

□ טע העלפֿט: „מה יאכל בשבּת“? □. וואָס וועט
ער עסן שבּת?] פֿרגל: „אויבֿ מע גרייט ניט אָן
.
ערבֿ־שבּת, האָט מען ניט אויף שבּת", שוו.
אים אין אַני לי — מי לי? — [אים איין...]
זאַץ. תּח. <אָבֿות, א, יג. □ אויבֿ איך אַליין
בּין ניט פֿאַר זיך — טאָ ווער איז פֿאַר מיר?,
[הללס באַרימטער מאמר. צווייטע העלפֿט:.“
וכשאני לעצמי — מה אַני?„ און אַז איך בּין פֿאַר
זיך, וואָס בּין איך?]. „אַ... פֿאָלקס־אָרגאַן דאַרף
אַוועקלייגן אַלע... חלומות אויף אַ זײַט און
דאַרף אַגיטירן דעם אם א אַ, לי מי לי“, די נײַע
,

צײַט, שיקאַגאָ, 1894, No 1. “דער ריינער אמת
איז, אַז אם א'... אויבֿ דער ייִד איז אַליין ניט
פֿאַר זיך האָט ער קיינעם ניט“, י. ח ר., דער

בלוט־בונד, ווילנע תּרס"ו. "וואָס איז די
נפֿקאמינה, נעמט אַ ביסל [משקה] אם א, אַ'.......
יעק□ גאָרדין, מירעלע אפֿרת, נ"י 1911. „אם
א אַ,... איך בין ניט איך, דו ביסט ניט דו",

שׂע, טבֿיה. [אם א אַ, לי... האָט געדינט ווי

א דעוויז פֿאַר פֿאַרשיידענע חבֿרות פֿאַראיינען,
—
קאָאָפּעראַטיוון, לאַנדסמאַנשאַפֿטן אע.]
אם אין בינה אין דעת — [... בינאָ איין
דאַאַס] זאַץ. תּח. >אָ□ות, ג, כ. 'אויב (וואו)
עס איז ניטאָ קיין פֿאַרשטענדיקייט, איז ניטאָ
קיין קענטשאַפֿט'. [ר, אלעזר בן עזריהס אַ
וואָרט; צווייטע העלפֿט: „אם אין דעת, אין
בינה" — וואו עס איז ניטאָ קיין קענטשאַפֿט
איז ניטאָ קיין פֿאַרשטענדיקייט].
אם אין גדיים — אין תישים — [... איין
גדאָיִם, איין טיאָשים] זאַץ. תּח. >אסתּר רבּה,
פּתיחתּא יא. 'אויב ס'וועלן ניט זײַן קיין
ציגעלעך, וועלן ניט זײַן קיין בעק'. געניצט מיט
בבֿ: א) אויב ס'וועלן ניט זײַן קיין תּלמידים,
וועלן ניט זײַן קיין תּלמידי־חכמים; בּ) אויב די
באַוועגונג האָט ניט קיין יוגנט, האָט זי ניט

קיין צוקונפֿט אע.

אם אין דרך־ארץ— אין תּורה —[...
דערעכערעץ... טוירע] זאַץ. תּח. <אָבות, ג, כ. 'אויבֿ (וואו) ס'איז ניטאָ קיין דרך־ארץ, איז ניטאָ קיין תּורה'. לכתחילהדיקער בֿ: אָן מידות טובֿות האַלט זיך ניט אויף די תּורה. [צווייטע העלפֿט: ,,אם אין תּורה, אין דרך־ארץ,,.]

אם אין הכמה — אין יראה — [...
כאָכמע... ייִרע] זאַץ. תּח. <אָבֿות, ג, כ. 'אויבֿ (וואו) ס'איז ניטאָ קיין חכמה, איז ניטאָ קיין גאָטספֿאָרכטיקייט'. [חכמה אָדער תּורה לערנט דעם מענטש צו זײַן אָפּגעהיט און ניט נכשל ווערן אין אַן עבֿירה; צווייטע העלפֿט: 'אם אין יראה — אין חכמה'.] ,,אם א, ח, — אין תּורה — די תּורה ליגט אין קאַסטן און די חכמה אין קעשענע“, שון.

▯ ▯

אם אין נבֿיאים הן — בני־נבֿיאים הן —
[... איין נייוויאים היין בּניי...] זאַץ. תּח. <פּסחים, סו/א. 'אויבֿ זיי זײַנען ניט קיין נבֿיאים, זײַנען זיי קינדער פֿון נבֿיאים'. געניצט מיטן בֿ: מע קען זיך אויך איצט ▯אַרלאָזן אויף

ייִדן, אויף פּשוטע ייִדן, אויף עמך; אויך איצט איז דאָס ייִדישע פֿאָלק אויף אַ הויכער עטישער מדרגה.

אַמאָ'ל

אם אין קטנים, אין גדולים — [...

קטאַנים... גדוילים] זאַץ. תּח. <אסתּר רבּה פּתיחתּא יא. 'אויב קיין קליינע זײַנען ניטאָ, וועלן קיין גרויסע ניט זײַן, איבּז ש. דונסקי. [צווייטע העלפֿט: „אם אין גדולים — אין תּלמידים“ — אויב קיין גרויסע זײַנען ניטאָ, וועלן קיין תּלמידים ניט זײַן.] פֿרגל: אם אין גדיים....

אם אין קמח — אין תּורה — [...

קעמאַך... טוירע] זאַץ. תּח. <אָבֿות, ג, כ.

אויב (וואו) ס'איז ניטאָ קיין מעל — איז ניטאָ קיין תּורה'. געניצט מיטן ב: ווען מען איז הונגעריק קען מען ניט לערנען; מאַטעריעלע דאגות ווענדן אָפּ פֿון לערנען. [צווייטע העלפֿט: אם אין תּורה — אין קמח„..] „אם א, ק, א, ת, — וואָס פֿאַר אַן עסער אַזאַ טוער“; „אם א,

ק, א, תּ, — אַז מען עסט מכּות, קען מען קדחת";
,,אם א, ק, — אין ל אָ ק ש ן ,,;‏ ,,אם א, ק, א,
תּ, פֿון אַ בלעטל גמרא קאָן מען ניט מאַכן
.---
קיין (קוגל) לאָקשן", שוו. ,,אם א, ק, א, ת, —
אַז מע שמירט ניט פֿאָרט מען ניט", שע, טבֿיה.
—
למדנישער אויסטײַטש: אם א, ק, — אָן רד"ק
[= ר, דוד קמחי] א, ת, — וואָלט שווער געווען
צו פֿאַרשטיין די תּורה.
אם אין ראַיה לדבֿר, יש זכד לדבֿר —.
[... ראַ'יע לאַדאָוואָר, יעש זייכער...] זאַץ.
תּח. <שבת, כ/א; ברכות, ב/ב אאַ: אַף־על־פּי
שאין ראַיה לדבֿר זכר לדבֿר. 'אויב עס איז
ניטאָ קיין באַווײַז אויף דער זאָך, איז אָבער דאָ
אַן אָנדײַט דערויף'. געניצט מיטן ב: אַ רמז,
אַן אָנצוהערעניש אויף דעם קאָן מען געפֿינען.
,,אם א, ר, ל', יש ז, ל'... 'זכרנו את הדגה,
(במדבר, יא, 5) שטייט פֿאַרוואָס ניט פֿלייש?
.
אַפּנים, עס איז אַ טאַקסע געווען [אַין מצרים],,,

רץ, געדאַנקען און אידייען.

אם אין תּורה — אין יראַ — ← אם אין חכמה — אין יראה.

אַ מאָל פֿאַרבינדונג פֿון אַ־־מאָל. ווײַזט אַן ---.

אַנערכדיקע צאָל. זאָגן עפּעס אַ מאָל צען = אַ צען מאָל. קומען אין קליניק אפֿשר אַ מאָל צוואַנציק.

אַמאָ'ל — אַדוו. 1. אומבאַשטימט, ווען ניט איז אין דער פֿאַרגאַנגענער צײַט. „מאַלע וואָס עס איז געווען אַ'“. „אַ, איז געווען אַ מעשׂה, די מעשׂה איז גאָרניט פֿריילעך“; „אַ, איז געווען אַ מעשׂה אַזוי: אַ מאַן איז אַוועק פֿון אַ יונגער פֿרוי„ פֿל. געוויינלעכער אָנהייב פֿון אַ פֿמ:

„אַ, איז געווען אַ ייִד, האָט ער געהאַט דרײַ זין...“; „ס אַ, געווען אַ פּאָרפֿאָלק, האָבן זיי

ניט געהאַט קיין קינדער...„; „אַ, איז געווען אַ רופֿא מיט אַ שוסטער...“; „אַ, — איז געווען און הײַנט — איז ניטאָ“; “האַרן און האָפֿן האָט שוין אַ, געטראָפֿן„, שוו. „נישטאָ

די מענטשן (די צײַטן אאַ) וואָס אַ',,.. ,,וואָס אַ, איז געוועזן דאָס אייגענע וועט טאַקע ווידער זײַן,,, מס, קהלת תּקע"ט, א, 9. ,,דער בּעשט איז אַ, געפֿאָרן קיין סאַטאַנאָוו...,,, שבֿחי בּעש"ט, זשאָלקעוו תר,,י, יט/א. ,,דא זיצט אַמאהל איין גרושֿר חסיד אונ ער קאַם...",

אַמאָל

קה פֿיורדא 17, טז/בּ. ,,ויהי היום, און ס'איז

,

געוועזן אַ', איז אין קאַבּצאַנסק אַ גרויס וואונדער געשען", ממוס, ווינטשפֿ.

2. דז בּנוגע קומעדיקער צײַט. ,,עס וועט אַ, קומען די גליקלעכע צײַט ווען...,,. ,,וועסט נאָך אַ, רײַך זײַן". ,,גאָט אין הימל ווייסט דעם אמת, צי אונדז וועלן מיר זיך נאָך זען אַ'", פֿל. ,,אַך ווער קען מיר זאָגן אויבֿ אַיך וועל אַ, ווידער פֿרײַ אומשוועבן איבּער בּערג און טאָל",

דוד עד נלשטאַט, 'דער פֿאַרוואונדעטער אָדלער'.

,,ס'איז נאָך ווײַט, נאָר ס'עט קומען די צײַט פֿון ייִדן אַ, אין לאָנד ישׂראל,, פֿל.

,

3 פֿאַרבּײַט א י צ ט. "טאָמען וועט (שוין)

.

אַ, געגוג געווען (זײַן) צו וואָיעווען?‚,. שפּאַסיק:
"אפשר וועט איר אַ, אויפֿהערן שלאָגן אײַער
ווײַב?‚,; ‚‚וואָס זאָל מען טאָן? מע מוז זיך אַ,
אונטערגעבן".

4. פֿון צײַט צו צײַט. זיצן איבערן ספֿר און
אַ, זיך פֿאַרטראַבטן. ‚‚איז קיין עם־הארץ
געווען. ער האָט אַ, אַ מנחה שבּת געדאַוונט",
יא, דאָס שטערנטיכל. ‚‚צווישן אונדזערע
לומדים, רבּנים, טרעפֿט מען אַ, אויך אַזעלכע
נאַראָנים", עט, משלים. ‚‚עס זאָל ניט אַ, זײַן
שלעכטע מענטשן וואָס הודיען אונטער, זענען
די רוסן די בּעסטע נאַציע‚,, קמ, 4 1862, No.
פֿאַרשטייט זיך, איך ווײַז אים אַ, אונטער‚,,

"
ממוס, ווינטשפֿ. ‚‚ער אַליין פֿלעגט מיט זיי
בּײַנאַכט אַ, אונטערקנעלן", שע אין שטורם.
אַ, אין אַ י ו בּ ל — זייער זעלטן. האָבּן נחת
(פֿרייד א□) אַ, אין אַ יובֿל.

5. עס טרעפֿט זיך אַזוי און עס טרעפֿט זיך
אַנדערש. עס קען זיך טרעפֿן. אין געוויסע פֿאַלן.
‚‚געלט איז קײַלעכ(ד)יק — אַ, דאָ און אַ,
דאָרט‚,; ‚‚אַ, גייט מען אָנגעטאָן אין סאַמעט —
אַ, אין לאַטעס‚,; ‚‚שׂכל בּרענגט אַ, מער אײַן

ווי די הענט"; „רחמנות איז אַ, אַכזריות„; „אַ הונט איז אַ, געטרײַער פֿון אַ קינד", שוו. „אַ, איז מען נכנס כּדי מע זאָל קענען יוצא זײַן", שוו [= מע טוט עפּעס נאָר כּדי צו האָבן אַן אויסרייד זיך אַרויסצודרייען. ווש מיט יוצא זײַן]. „עס גיט זיך אויס אַ אַ פֿריילעכער

,

אָרעמאַן„, ממוס, שלמה. „אַ מענטש קען אַ, מיט איין מצווה איבערוועגן די וועלט צו דער ישועה", ספֿר המצוות, וורנאָנאָוו 1935.

6 פֿטמ אַנשטאָט אָמאַי. „אַ, ביסטו געאַנגען

.

אָהין? האָסט עס באַדאַרפֿט?". „אַ, זאָל ער מאַכן אַז מע זאָל זײַנע בּרידער פֿײַנט האָבן?„, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ"ג, רמד/ב. [נוצ, ווילנע תּרמ"ג, פּ/ב: „אַמאַי"].

אויך סובֿ — דער, ־ן.   בּויען אויף די חורבֿות פֿון אַ,. אין ווײַטע אַ'ן. „ער איז אין ערדישן אַ, בּרויזיק אומגעגאַנגען„, אַל I. " קליינע וועלטן פֿול מיט הײַנט און מיט אייבּיקע אַ'ן", אַלף כּץ, אַמאָל איז געווען אַ מע ה.

„אַזוי ווי מיר בּיסטו טראַגיש, אונדזער געטאָליד. אַזוי ווי מיר טראָגסטו אונדזער צעאַשטן

אַ,“, א. אָאַכימאָוויטש, טמז, 25 1965 I. „
לעי
גענדישע וויַטע אַ'ן„, הל. ־קייט — בענקען
נאָך אַ'ן.

14()1

אַמאָל־אַמאָל — 1. מיט אַ סך יאָרן
צוריק. „עס קומט אים פֿיר יענע מעשׂה אין
חומש, אַ'־אַ', ווי אַבֿרהם אָבֿינו...„, ממוס,
שלמה. 2. אַ סך יאָרן שפּעטער. „לאָז דיַין
בֿרויט מיטן וואַסער אַוועקשווימען, אַ'־אַ, וועסטו
עס ווידער געפֿינען„, מס, קהלת תּקע„ט, יא, 1.
אַמאַלגאַם — די & דער, ־ען. <איי <גר &
אַראַביש. פּפֿ: אַמאַלגאַמע. געשמעלץ,
צונויפֿשמעלץ פֿון מעטאַלן, ספּעצ פֿאַרבינדונג פֿון
קוועקזילבער מיט אַן אַנדער מעטאַל. „
קוועקזילבער איז בכּוח אין זיך אויפֿצולייזן אַנדערע
מעטאַלן. די אויפֿלייזונג ווערט אָנגערופֿן אַ'“,
ס פֿיַינסטאָון, כעמיע, נ„י 1920 פֿון ביידע
I
„ .
זיַיטן [פֿון דער עלעקטריזיר־מאַשין] איז דאָ
צוויי פֿאַלקעס, באַדעקט מיט רימענס,
איבערגעשטריכענע מיט אַ'„, יד, דער דונער און דער

בליטץ, ווילנע 1874.
2. ם[אַרבינדונג פֿאַראייניקונג פֿון צוויי אָדער
,
-

מער גרופּעס, געזעלשאַפֿטן, פֿאַרבאַנדן,
פּאַרטייען אע. די אַ, פֿון אַלע ייִדישע קולטור־
אינסטיטוציעס. „אַן אַ'ע פֿון קוילער־געסל און
בית־מדרש־געסל, פֿון אויפֿגעקומענער און
אַלטאײַנגעזעסענער האַנדל־בורזשואַזיע„, מאַקס
עריק, שאָלעם אַש, מינסק 1931. 3.
צונויפֿמיש. קאָמבינאַציע. אַן אַ, פֿון סתּירות אין אַ
כאַראַקטער.
־אַטאָר — דער. ווער עס פֿירט דורך אַן
אָ, ־אַציע — די. פּראָצעס אָדער
רעזול׳ואַט פֿון אַמאַלגאַמירן. „צי אָט די באַבסקע
רפֿואה פֿון אַ, וואָלט געהאָלפֿן די לינקע אוי׳־
לעבן זייער באַוועגונג איז צווייפֿלהאַפֿט“, טמז,
29 7׳)19 XII.
־ירן — טרוו. דורכפֿירן אַן אַמאַלגאַם. אַ,
זילבער מיט קוועקזילבער. „פֿון יענעם
וואונדערבאַרן דור, וואָס האָט אַזוי אינטים או.ן אַזוי
שעפֿעריש אַמאַלגאַמירט די איידלסטע און

וויכטיקסטע ירושה־גיטער פֿון אַלט־יונגן ייִדישן פֿאָלק", י. לעשצינסקי, היימיש, אָדר תּשי"ח.
אויך מיט ז י ך — „אַ פּאָר צווײַגן פֿון יוניאָן האָבּן זיך אַמאַלגאַמירט„.   —ירונג — „דער אַ'ס־פּראָצעס מיט דער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג קומט בײַ זיי פֿאָר... אויף אַ גאַנץ פֿאַרשיידענעם אופֿן„, זשיט II, נ"י 1912.
אַמאַלגאַמירט — אַ'ער צונויפֿשמעלץ. אַ'ער טיפּ, כאַראַקטער ־קייט.

.

אַמאַל יע 1 — די, ־ס. <איי <פֿר.   עמאַל.
גלאַזור. „דער באַלקן וואַר אַ געוועלבּ, דורבויס באַצויגן מיט בּלויער אַ'", אמד, שוד ורצח, ווילנע 1880.   ־ירן — טרוו. באַדעקן מיט עמאַל, גלאַזורירן. אַ, אַן אײַזנדל, אַ שילדל.
־ירט — פּאַר, אַדי. „דער רבּי איז געזעסן... אויף אַ מין ווײַס־אַ'ער שטול", ייִל.
אַמאַליע 11 — די, ־ס. דזוו עמעראַלד.
העלגרינער טײַערער שטיין, אבֿן־טובֿ. „אויף אַלע פֿינגער פֿינגערלעך... אין יעדערן צו צען די,
מענטן מיט בּלויע[?] אַ'ס„, טויבּע סעגאַל, עולם המעע)ה, וואַרשע 1883.
אַמאָל יק — אַדי   וואָס איז פֿון (איז שייך

צו) אַמאָל. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר

אַמאָניאַק

אַמאָל. הײַנטוועלטיק איז ניט אַ'. אַ'ע צײַטן (יאָרן, טעג אאַזוו). אַ'ע חכמים (חסידים, משׂכּילים אאַ). אַ'ער גלויבּן. ,,און איצט איז פֿאַרוואַקסן די וועגן פֿון אונדזער אַ'ן שפּאַציר,,, פֿל. ,,שוין זייער פֿיל עזות־פּנימער אין דער שטאָט. ניטאָ די אַ'ע גוטע יאָרן“, ממוס, טאַקסע ,,האָט זי זיך אַרײַנגעכאַפּט צוריק ווי אין איר

אַ, גוט,,, וו֯.ס I, 'פֿון רבּינס שטובּ'. ,,גייט יהודה מיט זײַן קליינער מחנה, גרויס מיטן קריגסבּרען דעם אַ'ן,,, אַל III. ־יקייט — געהערן צו דער אַ'.

־עדיק — פֿטמ. דזוו אַמאָליק. ,,אַ'ער טעם“, ,,אַ'ע צײַטן“, ממום. “ניטאָ אַ'ע יאָרן“, ר. מרדכילע, משלים. ,,אין די אַ'ע יאָרן זענען די סוחרים אַזוי ניט פֿאַרשוואַרצט געוואָרן“, קמ, 2 1870, No פֿון אַ פּאָר גאָלדענע אוי. ,,

רינגלעך פֿלעגן די אַ'ע צדקניות אויסטראָיען גאַנצע פֿייגעלעך אויף די עץ־חיימס“, מ דלוגאַטש, די וועלט מסורה, וואַרשע 1881. אויך:

אַמאָלעוודיק.

אָמאָלקע — די, ־ס. סל. צעהאַקט אָדער צעמאָלן שטיקל. „די בעלי־בתּים פֿון די פֿורן זיצן אינעווייניק אין דער קרעטשמע, רייכערן די קורצע פּיפּקעס מיט די אָ'ס פֿון מאַכאָרקע„, ייִפֿאָל, 9 1890, No.

אַמאָמום — דער, ־ס. געוויקס מיט קריכיקע וואָרצלען און הויכן שטענגל. וואַקסט אין טראָפּישער אַזיע, אויסטראַליע און אַפֿריקע (ביז קאָנגאָ). די זאָמען פֿון אַ, זײַנען אַ סאָרט פּעפּער ('גן־עדן־פּעפּער') וואָס ווערט געניצט

און □

מעטום. —Amomum mele

. □eta

אַמאָנאַ'ל — דער, ־ן. אויך: אַמאָני'ט. אויפֿרײַסשטאָף, געשאַפֿן אויף דער באַזע פֿון אַמאָניאַק. „זײַנען די מענטשן אַראָפּגעשפּרונגען אין קאָטלאָוואַן און אָנגעהויבן רײַסן דעם געשטיין מיט אַ'“, איבז, ברונאָ יאַסענסקי, דער מענטש בײַט די הויט, מינסק 1936.

אַמאַ'נט — דער, ־ן. וונ ־קע, ־ס. <איי <פֿר,
1. ליבהאָבער, ספּעצ, אַרטיסט וואָס שפּילט
ליבהאָבער־ראָלן. „אָבער יענער, דער אָ, איז הויך,
ברייטפּלייציק“, באַש, פֿאָר, 6 □ 1959 I. “נישט
דערטרונקען אירע גלוסטונגען... אין
פֿלאַטאָנישע ליבעס און אַלערליי אָפּערע־זינגער און
טעאַטער־אַ'ן„, ייִז, אַשכּנזי. 2. געליבטער.
„גלײַך נאָך דער חתונה האָט זי זיך אײַנגעפֿירט
אַ'ן“. „די ערשטע אַ'ן פֿון רעוואָלוציאָנערע
מוזעס„, ייִט, פוילן I □ו.
אַמאָנ אַק — דער. בא. פּפֿ: אַמאָניע. <איי
י
<גר. (כעמיע) גאַז, פֿאַרבינדונג פֿון
ניטראָגען מיט הידראָגען — □ □][□. אָן קאָליר,
צעגייט גרינג אין וואַסער. געניצט צום רייניקן,
בײַם פּראָדוצירן פֿאַרשיידענע סינטעטישע
שטאָפֿן, אין דער פֿאַרבן־אינדוסטריע אא. אַ, האָט
אַן אייגנאַרטיקן שאַרפֿן ריח. יום־כּיפּור־טראָפּנס
איז מיט אַ, [דאָס אײַנאָטעמען דעם ריח פֿון אַ,
בײַ אַן אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד שאַפֿט אַ געפֿיל
י

אַמאָניום

פֿון אויפֿמונטערונג]. "ווען איין אַטאָם
שטיקשטאָף פֿאַראייניקט זיך מיט דר אַטאָמען
וואַי

סערשטאָף באַקומט מען אַן אַנדער וויכטיקן
שטאָף, מע רופֿט דעם שטאָף אַ'", ס. פֿ .נסטאָון,
כעמיע, נ,,י 1920. ,,... געבן דעם קראַנקן
שמעקן אָדעקאָלאָן, אָ, ('יום־כּיפּור־טראָפּנס, ",
פֿגעז, ווילנע 7 1924, No. אַמאָניע־ג אַ ז. אַ,־
וו אַ ס ע ר אַ לײַכטע אַ'־פֿליסיקייט וואָס מע

באַקומט בײַם צעגאַזן שטיינקוילן. ,,זילבערנע
חפֿצים ווערן אָפֿט שוואַרץ... מיט אַ'־וו,
ווערט די שוואַרצקייט אַראָפּגעוואַשן", ס
פֿײַן.
סטאָון, כעמיע, נ"י 1920. ← חלשות־טראָפּנס.
אַמאָניש — אָדי. אַ'ע שטאָפֿן.

אַמאָניאירן — טרוו. פּפֿ:
אַמאָניפּיצירן. אַרײַנגעבן אַמאָניע. באַאַרבעטן מיט
אַמאָניע. אַ אַ שטאָף בײַם רייניקן ־
אי', .

רונג ־יִ יצירונג.

.

אַמאָניום — דער, ־ס. 1. (כעמיע) גרופּע
4ִ[ִ] וואָס שפּילט די ראָלע פֿון אַ מעטאַל אין
אַ זאַלץ פֿון אַמאָניע מיט אַ זײַערס. 2. שטאָף,
פּראָדוקט מיט אַ'. אַ'־באַמיסטיקונג. אַ'־אַ צ
עט אַ ט. אַ,־בּ י ק אַ ר בּ אָ נ אַ , ט א ִן באַקפּול־.
ווער. אַ'־ק אַ ר בּ אָ נ אַ ט אין פֿאַרשיידענע
שמעקעדיקע זאַלצן. אַ,־ז אַ ל צ ן, אַ'־ס ו ל ־
פֿ אַ ט, אַ'־כ ל אָ ר י ד אאַ. „מאַך אים וואַרעמע
בּעדער מיט פּאָטאַש און זאַלץ... אויף דעם
האַרץ־גריבּל לייג צו אַ'־ליגימענט“, איבּז,
פּראָפֿ, שליינינץ, מרפּא לעס, זשיטאָמיר 1874.
אַמאָני'ט — דער, ־ן. געטריקנטע פֿעטס פֿון
בּהמות. גענוצט צום בּאַמיסטיקן.
אם אַני כּאַן — הכ(ִ)ל כּאַן — [אים... קאַן
האַקאָל...] זאַץ. תּח. <סוכּה, נג/א. 'אויבּ
איך בּין דאָ — זײַנען אַלע דאָ'. [אַ ווערטל פֿון
הלל הזקן אין נאָמען פֿון אייבּערשטן אַז
כּלזמן די שכינה — 'איך, — רוט אין בּית־המקדש
וועט דער שׂונא ניט האָבּן קיין שליטה אויפֿן
לאַנד.] גענוצט ווי אַן אויסדרוק: א) פֿון
ווערדיקייט, אויטאָריטעט. „וואַרט ניט אויפֿן עולם!

א אַ, כ'...,,; בֿ) פֿון איבֿערגעטריבֿענער גאווה,
,
חוצפּה.
אַמאַ'ס — די, ־ן. ← אַמייס, אַמייז(ע) פּרגל:
.
אומייסן, 595.
אַמאַסאַדאָרע — די, ־ס. שפּאַ. קנעטמאַשין
פֿאַר בֿעקערײַען. ,,געבֿראַכט אַן אַ, צו קנעטן
דאָס טייג", מ. אַלפּערסאָן.
אַמאָפּטייל — דער. קירצונג פֿון:
אַמערי,
קאַנער אָפּטייל [פֿון ייִוואָ]', אָרגאַניזירט אין
נ"י אין 1929. ,,דער אַ, האָט געהאַט אַ בֿפּירוש
קריטישע בֿאַציאונג צו זיי [די תּקנך]", ימ,
ייִשפּ)(I)(, .
-
אָמאָסאַג יע — די. <איי <גר. דאָס עסן
רוי לייש. ־יסט. ־יש — אדי.

אַמאָ'ק־לויף
— דער, ־ן. <איי <מאַלײַאיש.
לויף פֿון אַ פּסיכיש־קראַנקן וואָס אין זײַן
מטורפֿדיקן צושטאַנד לויפֿט ער אַ בּאַזעסענער מיט
אַ בּאַגער צו מאָרדן אַיעדערן וואָס קומט אים
אין וועג פֿיג. אויפֿפֿיר פֿירונג וואָס קען זיך

-

. ,

ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפֿע. „דער דור וואָס

2

האָט אין בּאַגין געהאַט פֿאָנען, אידעאַלן, גע□ינט
זיך אַצינד אין אַן אַ־ל, צום אונטערגאַנג“, משה
יונגמאַן, גק, No 53. אַ'־לויפֿער — „אין
יעדן ישובֿ [אין אינדאָנעזיע] איז פֿאַראַן אַזאַ
מין ספּעציעלער גאָפּל פֿון בּאַמבוק־האָלץ, וואָס
אויף אים באַפּט מען אַרויף די אַ'־ל'„, פּ. בּלוי,
סאַמוס, מאָסקווע 1928.
אַמאָ'ר — 1. (רוימישע מיטאָלאָגיע) גאָט פֿון
ליבּע, פֿאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פֿון אַ
קינד מיט פֿליגלען, מיט פֿאַרבּונדענע אויגן און

מיט פֿײַל און בויגן אין די
הענט. געטראָפֿן פֿון אַ'ס פֿײַל=
זיך פֿאַרליבט. „און אַ, מיט
בלינדע אויגן, באָרוועס,
נאַקעט, לויפֿט ער, פֿליט“, פרץ,
מאָניש'. „ווי זייערע הענט
האָבן זיך נאָר דאָס ערשטע מאָל
באַרירט, אַזוי איז שוין אַ, דאָ
געוואָרן אַ מחותּן“, מ. מ.
אויזערקיס, צעזייעטע און
צעשפּרייטע, לעמבערג תרס“ו. 2. סטאַטועטקע
פֿון אַ'. אויך: אַמו'ר ־יש — וואָס האָט
.
אַ שײַכות צו ליבע. אַ'ישע שפּילערײַען.
„... אויפֿגעהויבן אירע צוויי שוואַרצע אויגן
און פֿון זיי זײַנען אַרויס צוויי אַ'ישע פֿײַלן
וואָס האָבן געטראָפֿן גלײַך אין זייער ציל“,
ר, אָב“א מווילנאָ, דער פּוימאַניק, זשיטאָמיר
.1874
אָמאַר— דער, ־ן. l) □ homa: □ □ >.
וואַסערבאַשעפֿעניש פֿון משפּחה ראַקעס. „קאַוו אַר
—— ׳
איז קאַוויאַר. אָ'ן איז אָ'ן. אינדיטשקע איז
אינדיטשקע„, זש, קיטר און רבי.

אַמאָראַליש — אַדי. וואָס איז אָן שום
מאָראַל. וואָס איז ניט מאָראַליש און ניט־
אוממאָראַליש (← 602), נאָר בּכלל מחוץ מאָראַל.
געניצט געוויינלעך מיטן בּ: אוממאָראַליש. אַ'ע
פֿירונג ־קייט. אַמאָראַליזם.
אַמאָ.
ראַליסט(יש). אַמאָראַליטעט.
אַמאַראַ'נט — דער, ־ן. 1. לעגענדאַרע בּלום
וואָס פֿאַרוועלקט ניט. „זעט ווי זי בּליט נאָך!
אַן אַ'!“. 2. (בּאָטאַניק) קרײַטעך פֿון אַ סך
מינים מיט אייפֿאָרמיקע בּלעטער,
קנויליקער בּליאונג און
קאָלירפֿולער בּלום. ווערט קולטיווירט
ווי אַ בּאַציר־געוויקס. אַ־ג ע ־
וו י ק ס ן — “די בּלום איז בּײַ
אַ־ג'ן געבּויט אַזוי ווי בּײַ די
ליליע־געוויקסן, נאָר דאָס
פֿרובטפֿלעכטל פֿון מערזל געפֿינט זיך
אונטערן קרוינדל“. ד. האָכבּערג
איבּז אָ. שמײַל, געוויקסן,
מאָסקווע 1920. Ama▯antus cauclastus.
אַ־ק אָ ל י ר — פּורפּור־רויט מיט וויאָלעטן
ניואַנס. אויך אַדי. אַן אַ, טיכל.
אַמאַדאַנטן־האָלץ — דאָס (דער). בּא.

אינדוסטריעלע באַצייכענונג פאַר אַ סאָרט
רויטקאָלירדיק געהילץ פון ביימער וואָס וואַקסן אין
טראָפּישן קלימאַט. „.... ווערט נאָך צו מעבל
און טעכנישע צוועקן באַניצט אַ גרויסע צאָל

אַמאַריל(יס)

האָלצן וואָס וואַקסן אין אייראָפּע און
איבערהויפּט אין די טראָפּישע לענדער... ווי: אַ־ה„
עבען־האָלץ... און נאָך צענדליקער נעמען פון
סאָרטן“ בער. אַמאַראַנטן — אַדי. וואָס
איז געמאַכט פון אַ־ה'. „.... זיצן אויף אַ טראָן
פון דר אַ'ענע אויסגעבעטע שטולן“, פרץ,
י

ליטעראַטור און לעבן.
אַמאָר דעאי אינטעלעקטואַליס פּראַזע
--

ל. אינטעלעקטועלע ליבשאַפט צו גאָט. ליבשאַפט
צו גאָט מתוך מחשבה, (ספּינאָזאַס
ראַציאָנאַליסטישער באַנעם פון בין אָדם למקום). „דורך
דעם
דענקען גרייכן צום אַ, ד, א'„ מ. אַלטמאַן, 'אַ
געשיכטע מיט אַ ליבע', סאָוו, היימלאַנד, 1962, No 1.

אַמאָרטיזאַטאָר — דער, ־ס. 1. מכשיר
אָדער מעכאַניזם צו פֿאַרהאַלטן די וויבּראַציע
פֿון אַ מאָטאָר, די בּאַוועגונג פֿון רעדער;
אָפּצושוואַכן אַ קלאַנג, אַ שאָק אדגל. "אַ אָדער
,
אַמאָרטיזירער? קיין סכּנה פֿון האָמאָנימישן
פֿלאָנטער מיטן פֿינאַנץ־טערמין „אַמאָרטיזירן,
איז ניטאָ", בּיר, ייִשפּ XXII, 3. 2. ווער עס
אַמאָרטיזירט.

אַמאָרטיזאַציע — די, ־ס. <איי <פֿר.
'אָפּטייטונג'. 1. אויסקוויטירונג פֿון אַ חובֿ
ראַטעסוויַיז לויט אָפּגעמאַכטע טערמינען.
2. אויסצאָלונג פֿון קאַפּיטאַל וואָס איז
אינוועסטירט אין אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג אע.
„דער סטאַטוט זעט ניט פֿאָרויס דעם טערמין
אין וועלכן די אַ. פֿון אינווענטאַר און
אומבּאַוועגלעכע גיטער דאַרפֿן [אָרקומען", בּ.

האַלפּערן אַ האַנטבּוך פֿון אַ פֿאָלקסבּאַנק,
וויל. .
נע 1922. „גאַראַנטירט די רעגירונג דעם
קאָנצעסיאָנער 4 פּראָצענט ריווח אויפֿן קאַפּיטאַל

פֿלוס 2 פּראָצענט אויף אַ''", פּ. ליסאָוווסקי, דער איטאַליעניש—אַבּיסינישער קאָנפֿליקט, מאָסקווע 1935. 3. פֿולשטענדיקע אויסצאָלונג פֿון אַ מלוכה־הלוואָה לויט אַ בּאַשטימטן פּלאַן (יעדער יאָר אַ געוויסן קליינעם פּראָצענט).

־זירן — טרוו. אַ, דעם אינווענטאַר. „אַ געוויסע סומע וועט יערלעך אַוועקגעלייגט ווערן פֿון דער ישׂראל־רעגירונג ווי אַ פֿאָנד צו אַ, דעם חובֿ,„ ר. פּרײַס פֿאַש, 16 II 1951. "עס

ווערן ניט נאָר פֿיס אַמאָרטיזירט, עס ווערן אָפּגענוצט אַפֿילו רעדער", זיאַמע טעלעסין, אַף מײַנע אַכרײַעס, מאָסקווע 1968. ־זירט — אַ'ער קאַפּיטאַל פֿאָלגנדיקע סעריעס פֿון דער

לאָטעריע זײַנען אַ, און שפּילן שוין ניט מיט", קמ, 3 1870' No. ־זירטקייט. ־זירונג. אַמאָרטיזיר־טערמין.

אַמאַרי'ל(יס) — די, ־ן. (בּאָטאַניק) געוויקס פֿון דער נאַרציסן־משפּחה. וואַקסט אויף אַ נידעריקן שטענגל און איז קנויליק בײַם וואָרצל (ציבּעלע־געוויקס). די אַ'־בלום צייכנט זיך אויס מיט

אירע רײַכע קאָלירן (ס'־
רובֿ ראָז) און פֿײַנעם ריח.
שטאַמט פֿון מעקסיקע און
קאַנארישע אינדזלען. ווערט
קולטיווירט ווי אַ

גאָרטנאַמאָרע'ט

בלום. Amaryllis bella(lona [<נאָמען פֿון
אַ פּאַסטעשקע אין ווערגילס אַ פּאָעמע].
אַמאָרע'ט — די, ־ן פֿיגור פֿון אַ קליינעם
.
אַמאָר, מיט פֿליגעלעך און פֿײַל און בויגן,
געניצט ווי אַ דעקאָראַטיוו געמעל. „... ראָזע
וואָלקנדלעך אין דער פֿאָרמע פֿון קינדער שוועבן
אַרום, ווי יונגע נאַקעטע אַ'ן אין די
פֿונאַנדערגעוויקלטע טונקל־רויטע האָריזאָנטן,„ ייִט, טאָג.
אַמאַרע'ל — די, ־ן. דזוו מאַרע'ל. אַ סאָרט
קליינע זויערלעכע פֿלוים פֿון אַ געלבלעכן
קאָליר. וואַקסט אין טייל געגנטן אין מיטל־
אייראָפּע. „אַך איבער קערשן, ווײַנקסלן, אַמרעלן מוז
מן אויף איטליכן אין זונדרהייט (שהחיינו)
מאַכן,„ עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תק„ח,
קעב/ב.

-

אַמאָרסיזם — דער, ־ען. <איי <גר.
אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן אַמאָרפֿיש.
אָנפֿאָרעמדיקייט. אַ, פֿון אימיגראַנטישן פֿליינעם
ייִדיש.

אַמאָרפֿ(יש) — אַדי. 1. אָנפֿאָרעמדיק,
אומפֿאָרעמדיק. וואָס האָט ניט קיין באַשטימטע
פֿאָרעם. אַ'ער צושטאַנד. „וויַט — אונדזער היים
די אַ'ע צאַנקט ווי אַ קראַנקער טײַפֿון„, סוצ,
סיביר. 2. וואָס איז ניט גענוג קלאָר
פֿאַר,
נעפּלט. אַן אַ'ער געדאַנק. „געקומען אַהיים אויף
זומער־וואַקאַציעס און מיטגעבראַכט... אַ נאָך
אַ'ע ערבֿ־רעוואָלוציע ווירקונג„, ישׂראל רובין,
פֿונדאַנען אַהין..., ת„אָ 1952. 3. (
מינעראַלאָגיע) וואָס איז ניט אויפֿגעבויט פֿון קריסטאַלן.
אָ'ע ש ט אָ פֿ ן. אַ'ער ש וו ע ב ל. אַ'ער
ק ו י ל נ ש ט אָ ף.

אם אשכּחך, ירושלים, תשכּח ימיני —
[אים עשקאָכייך, יערושאָלאַיִם, טישקאַך יעמיני]
זאַץ. תּח. <תּהלים, קלז, 5. 'אויבֿ איך וועל
דיך פֿאַרגעסן, ירושלים, זאָל מײַן רעכטע האַנט

זיך פֿאַרגעסן, (צו רירן) [אפֿשר ניט 'תּשכּח,
נאָר 'תּכחש, = זאָל אײַנגעדאַרט ווערן]. ס'איז
די שבֿועה וואָס די גולי־יהודה האָבן געשוואָרן
בײַ די טײַכן פֿון בּבֿל אַז זיי ווען תּמיד
געדענקען ציון. אין טייל שטעטלעך פֿון פֿוילן
האָט מען זיך נוהג געווען, דער חתן זאָל בײַם
צעבּרעכן די גלאָז זאָגן א, א, י, תּ, י'.
פֿײַערלעכער לאָזונג פֿון צוגעבּונדנקייט צו ציון.
אַמבּאָנע — די, ־ס. <פּויל <גר. פּולט, קליינע
עסטראַדע אין תּיפֿלה. „אַ גלאַט
אויסגעגאָלטער..., אַ גליקלעכער פֿון דער אייגענער
דרשה... וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַרן עולם
פֿון דער אַ אַראָפּ„, ייִז, אַלט־שטאָט, פֿון דער
, , . ,,
אַ, דער גלח האָט גערעדט אין זײַן פּרעדיק וועגן
ייִדן„, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל,
פּאַריז 1950. „אַלע האָבן זיך געשטופּט צום
מאַרקפּלאַץ וואו זיי האָבן אַרומגערינגלט אַ
הויכע אַ"", י. טיגער, דער צדיק און דער בעל—
תּשובֿה, לאָנדאָן 1963.
אַמבּאָס — דער, ־ן. אַמבּוס, אַמבּעס.
<פֿרידײַטש. אַרכ. מיִ. 1. שמידאײַזן,
קאָוואַדלע. אורח פֿאַרטײַטשט 'הולם פּעם, (ישעיה,
מא, 7): "אַמבּאָס שלעגער„ [תּי: „וואָס קלאַפּט

אויפֿן אַ',,]. ,,ער ליגטשׂ אויף איין אַמבּוס אונ,
שלאָגט דרויף מיט איינם האמר,,, בּראָנט, פּרק
נה. ,,מער ווי די בּיסל געציַיג, דעם אַמבּוז...
און דעם צוואַנג האָבּ איך ניט,,, ליאָנדאָר, בּש,
ווילנע 1844. ,,... וואַר איר האַרץ געפּרעלט
(שטאַרק געקלעמט) צווישן... ליבּע און גיַיץ,
וו אַ גליִענדער איַיזן צווישן אַמבּאָז (
קאָוואַדי
לע) און האַמער,,, אמד, דער שידוך אָן שדכנים,
ווילנע 1871. ,,זאָלסט זיַין דער בּלאָזזאַק און
דער שמעלצטיגל, און זאָלסט דער אַ, און דער
האַמער זיַין,,, יהואָש, אַלטע פּסוקים — נ
פֿאַר, י

טיַיטשט'. ,,איו בּין קיין אַ, ניט, קיין האַמער
בּין איך אויך ניט, נאָר צווישן בּיידע ליגט מיַין
לעבּן — רויט צעגליט,,, נאַד, מודה אַני, נ,,י
.1944
2. אַרבּעט־איַיזן מיט פֿיר שפּיצן פֿאַר
גאָלדשמידן, זייגערמאַכערס. ,,אונ, ער שטערקט דער
צימר מאַן מיט דעם גאָלד שמיד, ער גלעטט

דען האמר מיט שליגן אויף דען הונבוי□) איין
מאָל,,, טח, בראשית, לך־לך, הפֿטרה. 3.
שוסטער־געצײַג פֿון אַ הילצערן הענטל אין אַן
אײַזערן קעפּל צו צעפֿירן וואַקס בײַ די ראַנדן
פֿון זוילן און אָפּצאַסן. ,,אַמבוס אויף אָפּצופּוצן
די פּאָדעשווע און דעם אָפּצאַס,,, ע. איזראַ, שיך
און קאַלאָשן, ק□עוו 1928.
אַמבאַסאַדאָר — דער, ־ן (־ס). ווב ־ין, ־שע
[= פֿרוי פֿון אַ], ־ס. <איי <פֿר. 1.
העכסטער דיפּלאָמאַטישער פֿאַרטרעטער פֿון אַ מלוכה
בײַ אַ צווייטער מלוכה. דער ייִדישער אַ'.
צוריקי
רופֿן די אַ'ן. ,,האב איך גשריבן אַן דען קינג
פֿון פּאָרטוגאַל דורך זײַן אַנבאסנדור דשׂ אין
פּאָרטוגאַל איין גרושׂי שוועריי ערד ציטרניס
ווערט זײַן,,, שאַר, קוד. ,,איין מאָל זײַנן צו
אים גישיקט וואָרדין אַכציג אַמבאַסנטאָר פֿון
דיא נוצרים“, איבז, ר, זלמן הענא, צמח דוד,
פֿפֿדמ תּנ,,ח. ,,אין מאָסקווע איז די אַ'שע [
גאָלדע מאיר] זיך נוהג צו צינדן פֿרײַטיק־צונאַכטס
די שבתדיקע ליכט בײַם פֿענצטער,,, מ.
שטריגלער, איק, 22 XI 1957.
2. פֿיג. ווער עס פֿירט דורך אַ שליחות, אַ
מיסיע פֿאָרשטייער פֿאָרטרעטער. ,,אקוה אי“ה

,   .

תּיכּף מיד נאָך אַגוסט קאָרט ל□ יעלעדעלפֿיע צו
קומן וויא איין רעכט אַמבּאַסידאָהר פֿון דיא
שלעכטה צײַטן,,, פּבּ 1767, [אַמ, ייִד, היסט,
געזעלשאַפֿט □ XXXI]. ,,טלאָמאַצקע דרײַצן האָט
אים אויסגעהאָדעוועט ער זאָל ווערן דער אַ, פֿון
ייִדיש און ייִדישן בוך“, סעג, מײַנע זיבּן יאָר
אין תּל־אָבֿיבֿ, בּ“א 1949.   ־יש — אַדי.

□

־שאַפֿט — די.   אַמט פֿון אַמבּאַסאַדאָר.
,,אין יענע חדשים פֿון זײַן אַ, אין פּראָג,,, ש.
בּיקל, טמז, 21 1965 II.
אַמבּאַסאַדע — די, ־ס. רעזידענץ פֿון
אַמבּאַסאַדאָר. אַן אוי□ נעם אין ישׂראל אַ'.

-

אַמבּאַ'ר — דער, ־ן, ־עס. <רוסיש, אוק
< טורקמעניש < פּערסיש. [ניט < אמבּרא,
כּתובות, קה/א.]   הילצערנער אָדער
שטיינערנער בּנין, ספּעצ אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, צו
האַלטן אויף לאַגער תּבֿואה, מעל אאַ פּראָדוקטן.
שפּײַכלער. ,,אפֿרתי האָט אייגענע אַ'עס מיט

אַמבּולאַטאָריע

ווייץ,,, שע, פֿונעם יאַריד I. ,,אויף יענער זײַט
סטאַוואַק האָבּן געבּרענט אַ'ן מיט דער
קאָלווירטישער תּבֿואה", נאָטע לוריע, הימל און ערד.
מאָסקווע 1965.
אַם בּאדזים נפֿלה שלהבֿת — [אים
בּאָאַראָזים נאָפֿלאָ שאַלהעוועס] זאַץ. תח. <מועד
קטן, כה/כ. 'אויבֿ אַ פֿלאַם האָט אָנגעכאַפּט
די צעדערן, [צווייטע העלפֿט: ,,מה יעשׂו
אזובֿיקיר,,? — וואָס זאָלן טאָן די גראָזן וואָס וואַקסן

אַרויס פֿון וואַנט? געוויינלעך ציטירט מען נאָר
די ערשטע העלפֿט]. געניצט מיטן בּ: אויבּ
שטאַרקע פֿאַלן — ווי קאָנען זיך ראַטעווען
שוואַכע? צוגעפּאַסט צו פֿאַרשיידענע
לעבּנסיטואַציעס, למשל: אויבּ גרויסע סוחרים
בּאַנקראָטירן, וואָס זאָלן שוין טאָן די קליינע
קרעמערלעך? אויבּ אַ צדיק ווערט נכשל, וואָסער
טענה קאָן מען שוין האָבּן צו אַ פּשוטן
בּשׂרודם? אע. „א, בּ, נ, ש, — אויבּ
פֿאַראַנטוואָרטלעכע שרײַבּערס האָבּן זיך געלאָזט
פֿאַרפֿירן...„,
ד. בּ. מאַלקין, י֞ראל, ת„א, אַפֿריל־מײַ 1950.
[פֿרגל: „אַז די נאַסע בּיימער בּרענען, וואָס
זאָלן שוין די טרוקענע זאָגן?„, שוו.]

-

אַם בּגפּו יבּוא, בּגפּו יצא — [... בּייגאַפּוי
יאָוואוי... יעיציי] זאַץ. תּח. <שמות, כא, 3.
[רעדט זיך וועגן אַ ייִד, וואָס נאָך זעקס יאָר
דינען, גייט ער אַרויס פֿרײַ. אויבּ ער איז
געקומען מיט אַ פֿרוי, גייט ער אַרויס מיט איר
פֿרײַ. אויבּ זײַן האַר האָט אים געגעבּן אַ
כּנענישע שקלאַפֿין, בּלײַבּט זי מיט אירע קינדער

בײַם האַר. נאָר ער אַליין גייט אַרויס פֿרײַ.
געוויינלעך געניצט אָן אָם. בבֿ: א) ווי עמעצער
האָט אָנגעהויבן אַזוי בלײַבט עס שוין בײַם
סוף; ב) צאָלט אָפּ מיט דער זעלביקער מטבע.
באַראַקטעריסטישע פֿאַרבינדונגען: „ב, י, ב,
י, — מיט גאָרניט געקומען, מיט גאָרניט אַוועק
(־געגאַנגען)„; „ב, י, ב, י, — אַז מע שטעלט ניט
אײַן אין קאָן, נעמט מען ניט אַרויס (פֿון קאָן)„;
„ב, י, ב, י, — געקומען אָן הויזן, געבליבן אָן
הויזן„; „ב, י, ב, י, — לײַכט אַן עושר געוואָרן,
לײַכט די עשירות פֿאַרלאָרן„; „ב, י, ב, י, —
געגעבן איין פאַטש, באַקומען צוויי פעטש„;
אויך שפּאַסיק: „ב, י, ב, י, — געוועז אַ 'גאַפּ',
אַ גלאָמפּ און געבליבן אַ 'גאַפּ, (אַ גולם, אַ
גלאָמפּ, אַ דבֿר־אַחר, אַ ליעפּע, אַ פּאַרטאַטש
אע).
אָמבו, — דער, מצ: אָ,־ביימער. שפּאַ. (
באָטאַניק) בוים פֿון דרום־אַמעריקע וואָס צייכנט זיך
אויס מיט זײַנע געדיכטע צווײַגן. אומטויגיק
פֿאַר פּראַקטישע צוועקן מחמת דער ווייכקייט
פֿון זײַן האָלץ (אין אַרגענטינער פֿאָלקלאָר:
סימבאָל פֿון געטרײַשאַפֿט). „פֿול מיט צווײַגן
אַ צעשפּרייטער, אויף אַ קליינעם בערגל שטייט
ער, דער פֿאַרחלומטער אָ',„ משה דוד גיסער,

זבֿ פֿון אַרגענטינע, בּ"א 1960. „זינג איך נאָך
פֿון האָפֿן פֿון זוניקייט און רו, בּײַ פּאַלמיקע
,
לולבֿים, אין שאָטן פֿון אָ',„ שמואל צעסלער,
דאָרטן.
אַמבּולאַטאָר▯יע — די, ־ס. <איי <ל.
אַנשטאַלט וואו מע העלפֿט נאָר אַזעלכע

קראַנאַמבּולאַ'נט

קע וואָס זײַנען אין שטאַנד צו קומען פֿאַר
מעדיציִנישער בּאַהאַנדלונג. „אויף דער פֿאַבּריק
דאַרף זײַן אַן אַ, וואו מע זאָל קענען געבּן
איינעם די ערשטע הילף", בּ. בּ־קי, אונזערע
פֿאָדערונגע▯, זשענעוו 1905. „צוזאַמען מיטן
אויער האָבּן אים די ציין פֿאַרכאַפּט... מוז ער
בּײַטאָג אַוועק אין אַ, צו אַ דאָקטער", ייִז▯ ח▯ר
נחמן. ־יש — אַדי. „נאָר אויך צו
בּאַהאַנדלען אַ'יש די לײַכטע פֿאָלן [פֿון טובּערקולאָז]",
▯געז, פֿאַריז 6 1949, No־7.
אַמבּולאַ'נט — אַדי & דער, ־ן. 1.
גאַסנהענדלער. הענדלער אָדער בּעל־מלאָכה וואָס
וואַנדערט מיט זײַן סחורה אָדער געצײַג פֿון

איין פֿלאַץ אויף אַ צווייטן. "צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן אין פֿראַנקרײַך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַ היפּשע צאָל אַ'ן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט מיט זייער געפּעק יעדער טאָג אויף אַן אַנדערן מאַרק". ,,... איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער אַ'ער סטאָליער.

ער □לעגט אַרומוואַנדערן מיט זײַן קעסטל געצײַג", י האָראָוויץ פֿאַש, 2 .21 1955 X.

קראַנ,

קער וואָס קומט אין אָן אַמבולאַטאָריע. 3. <רומ <פֿר. וואַנדערנדיקער טעאַטער.

אַ'מבולאַנס — דער, ־ן. <איי <פֿר. פּ□:

אַמבולאַנץ. שפּיטאָל־וואָגן. וואָגן צוגעפּאַסט צו פֿירן אַ געפֿערלעך קראַנקן (אין שפּיטאָל אַרײַן). אַ, פֿון דער 'גיכער־הילף'. ,,אין עטלעכע מינוט אַרום איז געלאָפֿן אַן אַ, מיט פֿאַרוואונדעטע סטרײַקברעכער,,, מר I. "און פֿלוצלינג האָרך — אַן אַ', די ווײַסע נאַכט צערירט — האָט עמעצער דערשאָסן זיך? — ווער וויים וואָס האָט פּאַסירט", יהואָש, 'נעכט אין דער גרויסער שטאָט'.

אַמבולאַקער — דער, ־ס. <איי <ל. '

זויגפֿוס, בײַ די ים־באַשעפֿענישן עכינאָדערמען. "ווען דאָס באַשעפֿעניש וויל זיך רירן פֿון אָרט,

אַנקערט עס זיך אײַן מיט זײַנע אַ'ס ווי מיט
באַנקעס, אויפֿן פּרינציפּ פֿון וואַקואום“, ש
בלום דער בוים פֿון לעבן, נ“י 1931.
אַמבוס — ← אַמבאָס, ספּעצ ב3.
אַמבוסקאַדע — די, ־ס. <איי <פּאָרטוג,
באַהעלטעניש. לאָקעראָרט. לויערפּלאַץ.
אם בהוקותי תלכו — [אים בייכוקויסײַ
טייליכו] זאַץ. תּח. <ויקרא, כו, 3. 'אויב איר
וועט גיין אין מײַנע חוקים', תּי. ערשטע
ווערטער פֿון דער לעצטער סדרה 'בחוקותי, אין
חומש 'ויקרא'. געניצט ווי: א) צוזאַג — אויב
ייִדן וועלן זײַן גוט און פֿרום, וועלן זיי געניסן
פֿון אַ מאַט עריעלן און גײַסטיקן וואוילזײַן אין
ארץ־ישׂראל; ב) אַזהרה — אויב ניט, וועלן זיי
לײַדן צרות. „אם ב, תּ, — אויב איר וועט זײַן
גוטע מיטגלידער פֿון פֿאַראיין“, רייד (קאָוונע).
אַמביוואַל ע'נט — אדי. <איי <ל.
טאָפּלווערטיק. צווייגעשטאַלטיק. צווייזײַטיק.
סתּירותדיק. אַן אַ'ע באַציאונג צו עפּעס, צו עמעצן.
“אַמעריקאַנער ייִדיש לעבן שטעלט מיט זיך
פֿאָר אַן אַ, בילד פֿון ליכט און שאָטן„, ייִבל I XI,
338. “בײַם פֿ[אַרלאָזן אַ בית־הקבֿרות רײַסט מען
-

גראָז און מע וואַרפֿט אויף די קבֿרים. דער

14()4

טעם איז אַן אַ'ער. ערשטנס אַ רמז אויף ,אנוש כּחציר ימיו — דעם מענטשנס טעג זײַנען ווי גראָז', און אויך אַ רמז אויף ,ויציצו... כעשׂבֿ השׂדה — זיי וועלן שפּראָצן ווי גראָז, — אַן אָנצוהערעניש אויף תּחית־המתים", אַבֿרהם רעכטמאַן, ייִבֿל II XI. ,,די בּאַציאונג צום לעבן איז אין אונדז אַ גאַנץ אַ'ע: בּאַוואוסטזיניקער ווילן צום לעבן גייט אָפּטמאָל אינאיינעם מיט אַן אומבּאַוואוסטזיניקן בּאַגער צום טויט" גרין, מענטשן און ווערטן.

־ענץ — די, ־ן. די אַ, פֿון ליבּע און שׂנאה צו דעם זעלבּיקן מענטשן.

אַמבּיוועו'רט — אַדי & דער, ־ן. (פּסיכאָלאָגיע) ווער (וואָס) איז צווישן אַן עקסטראַווערט און אַן אינטראָווערט. אַמבּיווערסיע — די.

אַמבּיטנע — אַדי. ambitny: <. דזוו

אַמבּיציעז □.. אַן אַ'ר יונג.
אַמבּיטענדע'□ן — די, ־ן. דזוו
אַמבּיוואַלענץ. קאָעקסיסטענץ פֿון פּאָזיטיווע און
נעגאַטיווע געפֿילן צו אַ פּערזאָן אָדער זאַך.
אַמבּיע'נט — דער, ־ן. פּפֿ: אַמבּיאַ'נס, די.
אַרומרינגלונג סבֿיבֿה. דער אַ, פֿון אַ
דרום.
אַמעריקאַנער ייִדישן שרײַבער. „די בּעלי־סוד
האָבּן פֿון דעם סופֿרישן אַ אַנטלייִען די
עלע,
מענטן וואָס זײַנען זיי נייטיק געווען כּדי
פֿיגוראַטיוו צו אינטערפּרעטירן די מיסטישע אידייען
זייערע“, אליהו ליפֿינער, אידעאָלאָגיע פֿון
ייִדישן אַלף־בּית, בּ“א 1967.
אַמבּיציע — די, ־ס. <איי <ל. 1.
שטאַרקער בּאַגער, ערנסטע שטרעבּונג עפּעס צו
דערגרייכן, אַרײַנקריגן. די אַ, צו ווערן דער
פּאָרזיצער, צו האָבּן (זאָגן) אַ דעה. דראַנג צו
גילטן פֿאַר עפּעס מער ווי מען איז. האָבּן די
(אַן) אַ'. בּאַפֿרידיקן די אַ'. *עס איז אַרײַן
אין אַ, = עס רירט טיף אָן; ס'איז געוואָרן אַ
זאַך פֿון אײַנגעעקשנטקייט. “אַ, פֿאַרדאַרבּט דעם
מענטשן“; “צוליבּ אַ, גייט מען פֿון גן־עדן אין
גיהנום“, שוו „... אָבּער אַ מענטש איז מען

דאָך, און אַ מענטש האָט אַ גאַל מיט אַן אַ'“,
שע, 'מענטשן,. „אַיעדער פֿון זיי דינט צו אַן
אַנדערן אָפּגאָט, זאָ ווערט צישן זיי מחלוקת
מיט אַ'ס“, י□ראל אָרנשטיין, חזון י□ראל, אַס
׳

1886. “נאָר בּרוך־יוסף איז שוין אַרײַן אין אַ,
און די אויגן האָבּן בּײַ אים געשפּריצט מיט
פֿײַער“, ייִז, שטאָל און □ײַזן.
2. בּאַשטרעבּ וואָס איז געווענדט צו זיך
גופֿא. א, צו ווערן דער בּעסטער תּלמיד. ד אַ,
׳

□

צו געווינען דעם פֿאַרמעסט, זיך צו לײַטערן
אין מידות, ניט צו זײַן אימפּולסיוו אאַזוו. „דער
בּלוטיק פֿאַרעקשנטער עקסטערן וואָס איז זיך
מוסר־נפֿש פֿאַר נאָך אַ זײַטל לאַטײַן צוליבּ
ריינער אַ'“, פּמ, כאליאַטטרע, פֿאַריז 1924.
„אָבּער אין איין פּונקט האָט ער געהאַט אַ
שטיק צײַט די אַ, ניט צו האַנדלען
אָפּאָרטוניסטיש דאָרטן וואו עס שטייט אין קאָן די

הייליקייט פֿון מענטשלעכן לעבן“, גרינ, מענטשן און ווערטן.

אָמבּער

אַמבּיציע'ז □־..־ אַדי. וואָס האָט (איז דורכגענומען מיט) אַן אַמבּיציע. בּאַגעריק. גלוסטיק. וואָס איז להוט נאָך עפּעס. אַן אַ'ער מענטש. אַן אַ'ע אונטערנעמונג. „זײַן אַ'ער אינדוסטריאַליזאַציע־פּלאַן סקריפּעט אונטער“, מ. ריבֿלין, טמז, 25 1965 I. “ער הייבּט אָן אַרויסצווײַזן יענע אימפּעטדיקע און אַ'ע ענערגישקייט... און אײַנגעגלייבּטע שטרעבּונג צו עקספּאַנסיע“, שנ, שלוס אַש. ־קייט — “בּאַזונדערע אייגנטימלעכקייטן פֿון קינדס כאַראַקטער (צאָרניקייט, גרויזאַמקייט, אַ', צאַפּלדיקייט... אאַזוו)“, פּ. שניאורסאָן, 'פֿרעגבּויגן', 'טאָז', וואַרשע.

אַמבּלוגירן — טרוו. ־גיר, אַמבּלוגירט. פּפּ: ־ליגירן. אַרכ. □er□lo□[em:.'□ □. בּאַניצן, אָנווענדן. “... צווייא יודין [ייַ] ווערטה די ערשטה אַמבּלוגירט פֿר אייני פּתּח די אַנדרי זאָגט מן אויז, נעמליך צײַט“, ר, אַבֿרהס בּן מאָדיל סג“ל מאיטינגין, שהיה מלמד בּק“ק האג, מערכת אַבֿרהס, פּיורדא תּקכ“ט [1769].

אַמבּל. אָפּיע — די. <איי <גר. (

פּאַטאָלאָי

גיע) אָפּגעשוואַכטקייט פֿון זע־חוש אָן אַ קאָנטיקן אָרגאַנישן דעפֿעקט.

אַמבּע — די, ־ס. פּאָר. צוויי, בּיידע. גאַליציע. געווינס פֿון צוויי ציפֿערן בּײַם שפּילן אויף דער מלוכהשער לאָטעריע (מיט ציפֿערן פֿון 1 בּיז 90). אַרויסציִען אַן אַ'. געווינען אַן אַ'. אַ, איז געווען דאָס קלענערע געווינס, דאָס גרעסערע — טערנע, געווינס פֿון דרײַ ציפֿערן. די לאָטעריע גופֿא — אַמבּעטערנע — געווינען אין אַ'טערנע. אַ, — אויך: דאָס גרויסע געווינס. "נו, ס'איז דאָך דײַן פּראַצע און — אַ'", א. קאהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.

אַמבּעטירן — טרוו ־טיר, אַמבּעטירט.: □>

e□b□□e□. דערקוטשען. נודיען. [ייִדן אין פֿראַנקרײַך II, נ"י 1942].

אַמבּעסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־. בּעסער פֿון אַלץ. צומבּעסטן. „קומן צו שני ראשים וועלכי אין דוכטן אַן בּע□)טין זײַן„, תּקק. "ווען איינם דאז עשׂין אַם בּעשׂטן שמעקט..."‚ בּראַנט, פּרק מ'. „אַ, וואָלט געווען, ווען דו לייגסט זיך שלאָפֿן"‚ דא, פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאַ, וואַרשע 1930. „ניט

וואונדער זיך, בּרודער, די צײַט ניט אַ'", האַל,
ווײ און מוט, מאָסקווע 1929.
אַמבּער — דער. בּא. אויך: אַמבּרע. <איי
<אראַביש. ווייכע סובּסטאַנץ וואָס מע
געפֿינט אויף דער אייבּערפֿלאַך פֿון טראָפּישע
ימען און אין אינגעווייד פֿון טייל וואַלפֿיש. האָט
אַ פֿײַנעם ריח. געניצט זינט אַנטיקע צײַטן
אין דער פֿאַבּריקאַציע פֿון פּאַרפֿום. ,,אויך
געפֿינט מען ט▯ילמאָל אין בּויך אַ צענטן גראָען
אַ', דאָס האָט אַ שטאַרקן ריח", ראשית למודים,
לבֿוב 1862. "... און אַרויסגעגעבּן פֿון זיך אַ
מין עקזאָטישן פּאַרפֿיום — אַ געמיש פֿון אַ,
און מושקאַט,,, זש, טמז, 8 1967 I. ,,ווײַסע
קעמלען, אָנגעלאָדן אויף האָרבּן מיט מילגרוימען
און פֿײַגן, עלפֿנבּיין... בּשׂמים־האָלץ און אַ'",
יהואָש, 'בּאַחר עש־שאַיטאַן', טאָג, 1920 II l.

אָמבּער

אָמבּער — דער. מצ נבּ. אויך: אָמבּרע, די.
אַרכ. ▯ombr:▯ <. אומדורכדרינגלעכע
פֿינצטערניש (ווען די שײַן ווערט פֿאַרשטעלט
דורך אַ געדיבטער סובּסטאַנץ) פֿיג. טרויער,
.

גרויסע צרה. „זיא זיכט דא זיא אין גרוישׂי
אָמבּרא וואַר... דרום בּיט איך דיך, ליבּר
גאָט, שטערקי מײַן פֿר שטאַנט, דז איך מיר
אויז דעם אָמבּרא העלפֿן קאַן„, מראות
הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718.
אַמבּראַזור(ע) — די, ־ן (־ס). <איי <פֿר.
לאָך, שפּאַלט אין אַ מויער, אין אַ
בּאַפֿעסטיקטער פּאָזיציע, אויף צו בּאַשיסן דעם שׂונא.
״לעבּן די האַרמאַטן און קוילנוואַרפֿער, וואָס
זייערע רערן... האָבּן אַרויסגעקוקט פֿון די
א'עס„, י פֿאַליקמאַן, 'דער שוואַרצער ווינט',
— .
מאָוו, היימלאַנד, 8 1967, No. „מע טאָר זיך ניט
בּאַווײַזן אין אַ', גלײַך לייגן זיי, זיי שיסן
אין קאָפּ״, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע, אַדעס 1931 פֿון די צעפּראַלטע אַ'ן...
— . „
געריזלט צעזאָדן בּלוט אויף וואַקלדיקע ווענט„,
סוצ, 'דער נבֿיא'. „מיט דעם אייגענעם געבּיין
פֿאַרדעקט אַ רוסישער סאָלדאַט אַן אַ'ע״, פּמ,
מלחמה I
אַמבּראָז◌יע — די. בּא. <איי <גר. (
קלאַסישע מיטאָל') ,אומשטאַרבּיקייט,. שפּײַז פֿון
געטער. חיותדיקע סובּסטאַנץ וואָס מיט איר

זאָלן זיך האָבן געגערט די געטער פֿונעם אָלימפּ
און אַז אַ פּשוטער בן־אָדם זאָל פֿון איר טועס
זײַן וואָלט ער געקערט ווערן אומשטאַרבּיק.
פֿיג. זייער באַטעמטער מאכל. מיטל פֿאַר
אינספּיראַציע. ״אַ פּראָסט שטיקל טעגלעך ברויט,
וואָס איז ניט פֿאַרן גומען פֿון יענע וואָס זייער
שפּײַז איז קונסט־אַ',,, שנ□ קריטיק און
קריטיקער. —יאַנער — ווער עס שפּײַזט זיך מיט
אַמבּראָזיע.

אם ברור לך הדבָר כּבּוקר — אָמרהו —
[אים באָרור לעכאָ, האַדאָוואָר קאַבּויקער —
אָמרייהו] זאַץ. תּח. <סנהדרין, ז/ב. אויבּ דער
ענין איז דיר קלאָר ווי דער פֿרימאָרגן — טאָ
רייד וועגן אים. איר. ,,אם בּ, ל, ה, כּ, — די
זאַך איז קלאָר וו אַ הויקער״.
י

אָמבּרע — דער, ־ס. hombre: □ □>. שפּאַ.
מענטש, מאַן. געניצט אין לאַטײַן־אַמעריקע ווי
אַן אויסרופֿוואָרט, אַן אויסדרוק פֿון
פֿאַרוואונדערונג פֿאָרוואורף, צופֿרידנקייט,
אומצופֿרידנ,
קייט אדגל. ,,.— דו, אָ! — אָ', — ענטפֿערט
מײַן דערציילער״, מ זאַקס

אַמגושא — דער, ־שים. תּח. <יומא, לה/א.
<פּערסיש. מאַגיקער. פּריסטער אין דער
אַלטער פּערסישער רעליגיע. מכשף. „זי זעט
ניט קיינעם, דאָך זי פֿילט מיט אַלע חושים,
אַז ערגעץ לויערן די רוצחים ד אַ'שים„, אַל III,
י
'די ליכט־בּענטשערין'.
אַמגיכסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־.
גיכער פֿון אַלץ, צומגיכסטן. „אַז ער וועט
געזונט ווערן, וועט ער ווי אַ, אָפּשטעלן זייער
חתונה„, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „מלכּהלע
האַט זיי אַוועקגעשיקט ווי אַ'„, ייִז, יאָשע קאַלבּ.

14()5

אַמגעשווינדסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו.
← אַמ־. אויפֿן געשווינדסטן אופֿן,
צומגעשווינדסטן. „איך האָבּ געוואָלט ווי אַ,
אַהיימלויפֿן“, פּרץ, 'נעילה'.
אַמדו'ר — גנ. שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד,
צווישן גראָדנע־בּיאַליסטאָק־קרינקי [אין די
דרײַסיקער יאָרן 20. י„ה — 1,700 ייִדן] פֿאָלג
 .
מיך אַ גאַנג — קיין אַ, נאָך אַ שמעק טאַבּעק„,

פֿוול (פֿון אַ חסידישער מעשׂה: אַ מופֿת מיט אַ
שמעק טאַבעק וואָס האָט געקענט פֿאַסירן נאָר
(אַזש) אין אַ, וואו עס האָט געלעבט אַ
חסידישער רבי — דער איינציקער אין אַ גאַנצער
מתנגדישער סבֿיבֿה). „אַ גערעטעניש, פֿאָרט אין
א, נאָך אַ שמעק טאַבעק" פֿוול [

כאַראַקטעריזי־ ,
רונג פֿון אַ שלימזל] ־ער — אדי & דער

.

(די). — איר זײַט אַן אַ'ער? — איר זײַט
אַליין אַ 'דורען, [= נאַר]". אַ'ער קלוגער
שטיין = אָרט אין אַ, פֿאַר פֿאַרליבטע פּאָרלעך.
דער שטיין פֿלעגט אַלץ 'צוזען, און קלוג
שווײַגן.
אמ"ה — [אַמאָ] ר"ת פֿון: אבֿר מן החי,
אומותהעולם, אלוהינו מלך העולם, אמות..הקריאה.
אַמה — [אַמאָ] מצ: אַמות. 1. די. <בראשית,
ו, 15 אאַ. אייל. פֿאַרצײַטיקע מאָס פֿון לענג,
בערך פֿון עלנבויגן ביז שפּיץ פֿון מיטלסטן
פֿינגער. "בלק... נעמט אַ טאָפּ של חרשים
און האָט אים אײַנגעגראָבן אלף ת"ק אַ',,, נוצ I,
במדבר, כא/ב. "דאָ וועל איך ישׂראלציקן מקבר
זײַן צען אַמות אין דער אַדמה", ע. ג. וואַהרמאַן,
דער פלוצליכער גליק, ווילנע 1893. 2. די &

דער. תּח. <מנחות, יא/א. מיטלסטער פֿינגער.
„מע נעמט די רצועה של־יד און מע וויקלט
אַרום דעם פֿינגער וואָס הייסט אַ'“, סשי I, כז.
3. דער. תּח. <פּסחים, סז/ב. פֿאַרשטעלט, לשון
נקיה. מענלעכער אבֿר.
אַמהאַריש — דאָס. (שפּראַך) סעמיטישער
ד אַלעקט אין צענטראַל אַביסיניע — אַמהאַרע.

דאָס גערעדטע לשון פֿון די דאָרטיקע פֿאַלאַשן.
אָפֿיציעלע שפּראַך פֿון עטיאָפּיע. „לייענט דער
כהן עפּעס אַ פּרשה. היות די פּשוטע מענטשן
פֿאַרשטייען ניט קיין געעז [אַלט־עטיאָפּיש], זעצט
אַן אַנדער כהן איבער אויף אַ'“, 'דאָס
רעליגיעזע לעבן פֿון די פֿאַלאַשן', ייִבֿל XXXI, 215.
אם־הבנים — [איים־האַבאָנים] די. <תּהלים,
קיג, 9. 1. מוטער פֿון קינדער.
פֿאַרקערפּערונג פֿון מוטערלעכקייט. „קיין איינאיינציקע
שפּראַך פֿון דער וועלט... וועט זיך ניט
פֿאַרגלײַכן מיט דער דאָזיקער שפּראַך פֿון דער א'־
ה',„ יע)ראָל רובין, דער יונגער מענטש און
זײַן אַנטוויקלונג, וואַרשע 1927. 2. (קבלה)
מקור פֿונוואַנען עס קוואַלן אַרויס די איידלסטע
נשמות. „א'־ה'... ,כּנסת־ישׂראל, פֿון אָט דעם
מקור זײַנען נאצל געוואָרן די נשמות פֿון

אַצילות“, תּניא, קמד.
אם־הדרך — [איים־האַדערעך] דער. בּא >
יחזקאל, כא, 26. שיידוועג. „ער איז געשטאַנען
בּײַם א׳־ה, און ניט געוואוסט וואוהין צו גיין„.
אמהות, אמות — [אימאָעס, אימויס] די. מצ
פֿון אם. מוטערס. בּעיקר געניצט צו

בּאַצייאַמוזירן

כּענען שׂרה, רבֿקה, רחל און לאה. >בּרכות,
טז/כ. „מאַסן ייִדן שטראָמען צו די קבֿרים פֿון
די אָבֿות און א׳“, ניסן גאָרדאָן, טמז 17 X 1968.
*זײַן געראָטן אין די א, = האָבּן אַלע מעלות.
אין זכות פֿון די א„ זאָל דער זכות פֿון א,
אונדז בּײַשטיין. זאָלן די הייליקע א, זיך
אײַנשטעלן, אויסבּעטן פֿאַר אונדז אַ גוט יאָר אע —
שטענדיקער נוסח פֿון תּחינות. „וועז שון די
בּרג ווערן זײַן אבּגיטאן... כּלומר ווען שון
זכות אָבֿות און א, ווערט אויז זײַן“, סהמ,
ישעיה, נד, 10. “דער רעכטער שורש פֿון די
א, איז געווען רחל. זי איז פֿאַרשעמט געווען,
ווײַל זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט“, מלרה,
יש/ב.
אם ה, לא יבֿנה בּית — [אים האַשעם (

אַדוינאָי) לוי ייִוונע באַייִס (וואַייִס)] זאַץ. תּח.
>תּהלים, קכז, 1. אַז גאָט בויט ניט אַ הויז
[צווייטע העלפֿט: „שוא עמלו בוניו בו“ —
„אומזיסט מיִען זיך זײַנע בויערס אויף אים“,
תּי]. ס'ווערט געוויינלעך ציטירט בלויז דער
ערשטער טייל. “אַם ה, לא י, בּ, — בּלײַבט ניט
איבער קיין כּזית; ש, ע, בּ, בּו — ווײַל
הקדושבּרוך־הוא וויל אַזוי„.
אס ה, לא ישמר עיר [... האַשעם (
אַדוינאָי) לוי ייִשמאָר איר] זאַץ. תּח. אַז גאָט
היט ניט אַ שטאָט... [צווייטע העלפֿט: „שוא
שקד שומר„ — אומזיסט וואַרט דער שומר].
„אם ה, לא י, ע, — קומען שׂריפֿות אָן אַ
שיעור; ש, ש, ש, — בּרענען הײַזער, ביימער„,
פֿאַרצייכנט אין שאַוול, ליטע.
אמו — [אימוי] זײַן מוטער (אין אַ סטיל וואָס
איז דורבגעזאַפּט מיט לק). „א, של היתומה
האָט זיך פֿאַרשריבּין ארבּעה אַלפֿים ר„ט
[= רײַכסטאָלער]“, גה, 159.
אַמוואָ'ן — דער, ־עס. >רוס. אַמבּאָנע אין
אַ צערקווע. „ווי אַ גלח בּײַם אַ', שרײַט
עמעצער... זע נאָר צי איז ער ניט אַ געוועזענער
גלח?„, ש. בּרעגמאַן דורך קריג און רעוואָלוציע,
אַדעס 1931 ־יש — אַדי. אַ'ע ליכט.

.
אַמווייניקסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ..
1. ווייניקער פֿון אַלע. אַרבעטן אַ'. 2.
לכלהפּחות. "מעגסט דאָך אַ, ענטפֿערן אויף אַ
בריוו". „האָבן צײַט מאריך זײַן אין דער תּפֿילה
פֿון שחרית אַרום אָנדערטהאַלבן שעה אַ'",
תּניא, קג.
אַמווינציקסטן — אַדוו. דזוו אַמווייניקסטן.
„אַהבֿה אַליין ווערט ניט אָנגערופֿן... עבֿודה,
אָן די נידעריקערע מדרגה פֿון יראה אַ'„, תּניא,
212. „די בעסטע רעגירונג איז די וואָס רעגירט
אַ'", בצג, טמז, 17 ▯ II 1964 [ט. דזשעפֿערסאָנס
שטאַנדפּונקט].
אַמוזאַ'נט — אַדי. <פֿר. לוסטיק,
אויפֿגעלייגט פֿאַרווײַליק. קורצווײַליק. אינטערעסאַנט.
,
אונטערהאַלטעריש, אונטערהאַלטנדיק. שפּאַסיק,
וויציק. אַן אַ'ער אָוונט. אַ'ע עפּיזאָדן. אַ'ע
משפּחה. אַן אַ, לעבן ־קייט.
.
אַמוזירן — טרוו. ־זיר, אַמוזירט.
אונטערהאַלטן פֿאַרווײַלן, מאַכן פֿריילעך. אַ, די געסט.
,
אַ, דעם לייענער. אַ, מיט אַ רײַכער פּראָגראַם.

אַמולירן

„עס ליגט ישׂראליק צעקלאַפּט, צעשלאָגן, מע
דאַרף אים טרייסטן, אַ'“, גאָר, שירי — יודישע
לידער, וואַרשע 1889.
מיט ז י ך — “זי פּלעגט זיך פֿאָרשטעלן ווי
קויפֿמאַן אַמוזירט זיך מיט זײַן רחלען“, צ. נ.
גאָלאָמבּ, אַ יונגע טויב פֿאַר א קרבּן, ווילנע
1895. „דומפּיק איז דאָ בּײַ אײַך... איר זיצט
דאָ פֿאַרשטעקט און אַמוזירט זיך מיטן
פּידלשפּיל“, ש. גאָדינער, דער מענטש מיט דער בּיקס,
מאָסקווע 1934 ־ונג — איידעלע אַ, ־עכץ

. .

— „וואָס איז עס □ [אַר אַן אַ, — פּײַניקן אַ
□

הונט?“. ־ער — דער. “דער אמת איז אַז
וואָלטער אַליין וואָלט זיך מיט דער ראָלע פֿון
אַן אַ, קיינמאָל ניט בּאַנוגנט„, שנ, קריטיק און
קריטיקער.
אַמולירן — ארכ. דזוו עמאַלירן. „,... און,
ער האָט בּידעקט מיט גאָלד, גלײַך אודר גיבּלעך
מאָלט, אודר גיגליוויארט (אודר גיאמולירט)

אויף ד◌ שׂ אוישׂ גיקריצט“, סהמ, מלכים א, ו, 35 [תּי: „איבּערגעצויגן מיט גאָלד“].

אַמולע'ט — דער, ־ן. <איי <ל. טאַליסמאַן. קמיע. חפֿץ וואָס מען איז אײַנגעגלייבּט אין זײַן מאַגישער קראַפֿט. 'שוצמיטל, קעגן בייזע רוחות, קראַנקייט אדגל. מע טראָגט דעם אַ, אָנגעהאַנגען אַרום האַלדז. “מע האָט קורירט דעם קראַנקן מיט תּפֿילות, מיט אַרויסטרײַבּן דעם טײַוול... מיטן אַ'ן“, פֿגעז, ווילנע 1923, No 2־3. “גרויסע געטער זײַנען אויסגעוואַקסן פֿון קליינע, און די קליינע פֿון נאָך קלענערע הויזגעצן; די הויזגעצן פֿון אַ'ן“, פּרץ, ליטעראַטור און לעבּ1.

אָמון — [אָמוין] אָפּגאָט פֿון ד אַלטע מיצרים.

,

„מיר האבּן שון לנג גווישׂט דשׂ דר גאָט אָ, האָט דיר גיהאָלפֿין“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, כו/כ.

אויך: אָמון־ראַ, אַמאָן־ראַ.

אמונה — [עמונע] די, ־נות. <שמות, יז, 12 אאַ. 1. ייִדישער רעליגיעזער גלויבּן. האָבּן א, אין: אייבּערשטן, בּורא־עולם, גאָט, אין בּיאת־המשיח, אין דעם די־הענט־ניט־געוואַשן, אין דעם וואָס איך בּין ניט ווערט צו דערמאָנען, אין דעם וואָס לעבּט אייבּיק, אין

הקדושבּרוך־הוא, כּבֿיכול, משיחס־קומען, נצח־ישׂראל, רבּונו־של־עולם, אין תּורה מן השמים, אין תּורה מסיני, אין תּורת־משה. [אין תּנכישער און תּלמודישער ליטעראַטור ווערט א, על־פּי רובֿ געניצט אין עטישן, ניט אין דאָגמאַטיש־טעאָלאָגישן זינען; אין דער תּורה איז ניטאָ אַ מצווה וואָס איז מחייבֿ א, (הגם טייל מפֿרשים מיינען אַז אָנוכי, אין די עשׂרת־הדיבּרות איז כּולל אָט

,

די מצווה). אַנשטאָט א, ווערט אונטערגעשטראָכן דעת־השם — וויסן פֿאַרשטיין, פֿאָרשן די

,

וועגן פֿון גאָט.] "דער כּלל פֿון בּהעפֿטן אַן [= אין] דער א, איז אַז מן זאָל זיך אימר גווינן צו זאָגן אם ירצה השם" עח ח/א. "ישׂראל וואָס זיי זײַנען שטאַרק אין דײַן א'", מלרה, קיז/א. "בּלויז א, אָן מעשׂה... איז ווי אַ נשמה אָן אַ גוף", מב"ס, הוגה דעות I, ווילנע 1912. "מיט א, זײַנען קיין קשיות ניטאַ, אָן א, זײַנען קיין תּירוצים ניטאָ", ח□ץ־חיים. א,

(ה) ק ד ו ש ה — די הייליקע א'. „אַ ייִד האָט
א'“, “מיט א, מאַכט מען קיין שבּת ניט“, „אַ
ייִד אָן א, קען קיין שבּת ניט מאַכן“, שוו.
„בּלינדע א, און בּטחון זײַנען נאָך אַ גליק
פֿאַרן ייִד“, ממוס, שטורם־צײַט.
2. אויך ניט־ייִדישער רעליגיעזער גלויבּן.
זייער א, [געווײנלעך: נאמנה]. בּלינדע א'.
טפֿלא'. „איז ערפּה צוריקגעגאַנגען צו איר ערשטער
א„ און רות איז געבּליבּן אָן [= בּײַ] דער
ייִדישער א'“, נוצ II, 44. „איך שווער דיר בּײַ
מײַן א, אַז איך האָבּ שעניר ניט געזען“,
טויזענד און איין טאָג, וואַרשע 1839. “דאָס מלכות
קאָן ניט דערהאַלטן ווערן ווען זײַן א, ווערט
ניט געהאַלטן“, איבּז, רבֿקה בּת ר, יוסף, אגרת
בּעלי חייס, [לבֿובֿ], יאָר?
3. קרעדאָ, דאָגמע, דאָקטרין מיט טיפֿער
איבּערצײַגונג אין איר ריכטיקייט. טיפֿע (
לויטערע, איידעלע אע) א'. נאַרישע (פֿאַנאַטישע,
פֿינצטערע אע) א'. „דער וויסנשאַפֿטלעכער
סאָצאַליזמוס... איז צו אונדז געקומען ווי... אַ
י

שטיק א'“, [בּונד], די געשיכטע פֿון דער אידי—
שער ארבּײַטער בּאַוועגונג אין רוסלאַנד און

פוילן, זשענעוו 1900. "דער שטאָלץ פֿון רעוואָלוציאָנערן... די שטאַרקייט פֿון [זייערע] א,־נות", מר I□I. "הערצל איז געווען אַ געבוירענער פֿירער, זײַן אייגענע א, האָט אים געגעבן אַ מאַגנעטישע קראַפֿט", לע, טמז, 23 l966 III.

4. בטחון, שטאַרקע האָפֿענונג, □ולער צוטרוי, זיכערקייט. „שעפּטשעט... זיפֿצט... די עגונה... וואַרט מיט גרויס א'", יהואָש, 'די עגונה'. "אויך אין די במעמקים פֿון געטאָ האָט געגליט... די א, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן„, א. אַלפערין, טמז, 27 1966 II. "דער מענטש באַוויזט זײַן אמתן מהות און זײַן א'... ניט אין צײַטן פֿון ליכט... נאָר אין צײַטן פֿון ליקוי־המאורות", הלל זײַדמאַן, ...

טמז, 29 8□)19 XI.

5. געטרײַשאַפֿט, איבערגעגעבנקייט, לאָיאַליטעט פֿאַרלירן די א, אין אַ מענטשן. „דאָס . וואָרט א, האָט צוויי טײַטשן: גלויבן און געטרײַקייט", א. גאָלאָמב□ טמז, 4 l967 XI.

6. יעדע פֿאָרעם פֿון גלויבן. „מוז ניט דער

שׂכל, ווען ער בלײַבט נאַקעט שטיין, זיך ערשט
זען מיט דער א, צו פֿאַרדעקן?“, עט, לידער.
„יענע געוויסע צײַט אין דעם מענטשנס לעבן,
די וועסנע־צײַט פֿון דער א', ווען עס שפּראָצן
פֿרישע בלעטלעך פֿון גלויבן“, ממוס, ווינטשפּ
—דיק — אַדי. וואָס האָט אין זיך אמונה,
וואָס באַציט זיך (האָט אַ שײַכות) צו אמונה.
גלייביק. „אין גאָר זײַן פֿײַן איז ער א',
געדולדיק“, הל, 'די ביימער בליִען בלוי'.
־יקייט — “טוביהס טענות און זײַן א, —
די טענות און אמונה פֿון אַ ייִד“, צײַט, טמז,
.I 19 4)(13
א, עליונה — [... עליוינע] די.
העכערע א'. א העכערע מדרגה אין א'. “די מצווה
'ויקחו לי תּרומה, איז צו לערנען... דעם
שורש פֿון דער א, ע'... דעם וועג פֿון
הקדושבּרוך־הוא“, נוצ, קכ/א.

אַמונת־היהוד

א, פּשוטה — [... פּשוטע] די. פּשוטע,
תּמימותדיקע א'. „די מעלה פֿון א, פּ, וואָס
עס ליגט אין יעדער תּנועה פֿון דעם פּשוטסטן
ייִדן,,, לדב, נ“י 1957, מט.

א, צרופֿה — [... צרופֿע] די. געלייטערטע א'. „מחמת זײַן... גלויבן אין אַ וויסנשאַפֿטלעכן מאַנטל, צענעמט דעם מאַנטל און עס בלײַבט א, צ'“, קאָר I.

א'שאַפֿט — די. גלייביקייט. סכום אייגנשאַפֿטן פֿון אמונה. „ער האָט שוין די הימלדיקע הייכן געטאָן מיט זײַן א, דערגרייכן“, אפֿא,.. שקיעה.

א, של(י)מה — [... שליימע] די. פֿולשטענדיקע, אַבסאָלוטע, גאַנצע א'. „'עס איז געוואָרן ליכטיק, — דאָס... מיינט די א, ש, אין הקדוש־ברוך־הוא“, נוצ, קיט/א.

א, תפֿ(י)לה — [... טפֿיילע] די, ־נות ־לות. גלויבן אָן שום טעם. זאַבאַבאָנע. אָפּנאַרערישער גלויבן. די א, ת, אין שדים און רדחות.

אמונות ודעות — [עמונויס ועדייאויס] די. גלויבנס און מיינונגען. נאָמען פֿון סעדיה גאונס (882 ▯ 942) רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿיש ווערק מיטן גרונטגעדאַנק אַז יהדות איז ניט קעגן וויסן און חקירה; עס זײַנען דאָ ▯יר קאַטעגאָריעס פֿון אמת: דער עטישער, לאָגישער, עמפּירישער און טראַדיציאָנעלער.

אַמוניטשעוען — אוטוו. ־טשעווע,

אַמוניטשעוועט. רוסיצ. אָנגרייטן, אָנטאָן אַמוניציע (צו גיין אין אָפֿענסיווע). "עס קומט צו לויפֿן דעם קאָמאַנדירס דענשטשיק: — דער קאָמאַנ—דיר האָט כאַפֿוילן אַ, — און באַלד", ש ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931.

אַמוניציע — די, ־ס (זן). <איי <פֿר. וואָפֿן, געווער, כלי־זיין און אַלץ וואָס אַן אַרמיי (אַ זעלנער) באַדאַרף האָבן. „אויסגעשאָסן דעם פּולווער, ניטאָ מער קיין אַ'" (אויך קיין אַרגומענטן אין אַ וויכוח). „עס וואַר זיך ניט דורכצושלאָגן אויף דעם גאַנצן וועג דורך די פֿילע וועגן וואָס וואַרן באַלאָדן... מיט אַ'", אמד, דיא אומוועקסלונג, ווילנע 1877. „ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט ער אָפּגעשטעלט אַן אָבאָז מיט אַ'... און אויסגעליידיקט די וועגענער", מאָטע דעכטיאַר, בויער, מינסק 1936. „ביז מ'עט דיר אַרויסגעבן אין פֿאָלק די אַ'", פּמ, מלחמה I.

אַמונירן — טרוו. אָנגרייטן אַמוניציע.

אַ, קוילן פֿאַר די האַרמאַטן. „מ'זיצט פֿאַר
...
פֿעסטיקט אין אָקאָפּעס פֿון גאַזעטישע שפּאַלטן, אַמונירט ווי עכטע קוילנוואַרפֿער", פּמ, אַליאַטטרע, פּאַריז 1924, ז, 79.

אמונת־היהוד — [עמונאַס־האַיִכוד] די.

גלויבן אין איין גאָט, אין אַחדות הבורא (□. 848).
„די ייִדישע עטיק וואָרצלט דירעקט אין א'־ה',
אין... גלויבן אין אַן אײנציקן גאָט“, צײַט,
טמז, 6 XI 1964. “כל־זמן די עיקרים פֿון א□־ה,
זײַנען געשטאַנען ווי אַ קעגנזאַץ צו די עיקדים
פֿון פּאָליטעאיזם, האָט ייִדנטום באמת געקענט
זײַן דער חותם פֿונעם ייִד“, קאָר II.

אַמונת־הכמים

אמונת־הכמים — די. 1. גלויבן,
אײַנגעגלייבטקייט אין גוטע־ייִדן, צדיקים, רביים. „איך
וואָס איך האָב נאָך ניט די זכיה די רעכטע א,־
ח, צו האָבן“, יפּ. „[אַבי ער] לויפֿט צום רבין,
כאַפּט שיריים... איז ער אַ חסיד... ער מעג
ניט קענען קיין וואָרט עבֿרי... אַבי ער האָט
א'־ח',,, קמ, 34 l866, No. „זי האָט ניט געהאַט
קיין א'־ח'... ניט געגלייבט אין רבין און ניט
אין בראַנפֿן“, מ. א. זאַביעזענסקי, די שווערע
צײַט □I, וואַרשע 1887. 2. צוטרוי צו
געלערנטע, צו חכמים, צו תּלמידי־חכמים. „זיך
געלערנט, באַקומען א'־ח, און אַוועקגעוואָרפֿן
די חסידישע שטיק“, רייד (דענעבאָרג l928).

אמונת־ישׂראל — די. דער ייִדישער גלויבן, דת־ישׂראל. „איך בין געבוירן געוואָרן אין מײַן הייליקער א־י', און דעם גאָט פֿון ישׂראל וועל איך דינען“, יב„ץ בערך, רבי קאַשמאַן דער נעלס, ווילנע תּרנ"ו. „מגדל זײַן... קינדער צו תּורה ומצוות — דאָס איז דער עיקר פֿון א־י“, תּפֿארת אָבֿות אויף אָבֿות, צוגעדרוקט צו צאינה וראינה ח„ב, נ„י תּרע"ג.

אמונת־צדיקים — די. דזוו א־חכמים, בּ1 „זײַן ווײַב פֿלעגט זיך תּמיד מיט אים קריגן פֿאַרוואָס ער וויל קיינמאָל צום רבין אַפֿילו די שוועל ניט אַריבּערטרעטן,... ער איז בּטבֿע געווען מיט ווייניק א־צ“, ספּורי מעע)יות, לעמבּערג 1882. „מיט קינדיש־תּמימותדיקער א־צ'..., מיט דעם גאַנצן חסידישן בּרען„, ד. י. זילבּערבּוש, מענשען און געשעהענישען, ווין 1931.

אמור — [עמוי'ר (ע'מער)] נאָמען פֿון דער אַכטער סדרה אין 'ויקרא'. „אין פּרשה (סדרה) א, שערט מען די לעמער“, שוו. „אַחרי מות, קדושים א', [די נעמען פֿון די סדרות וואָס גייען כּסדר] = נאָכן טויט זאָג נאָר גוטס וועגן נפֿטר.

אַמו'ר — די. מצ▯ <פֿר ארכ. ליבּשאַפֿט, אַהבֿה. “אייני שטארקי אַ, גיגן איַיך בּיַיא מיר

פֿרשפּירטי״, מראות הצו אות, וואַנדזבעק 1718.
אַמו'ר — גנ. טײַך אין מזרח אַזיע פֿאַרבונדן

-

,

מיט בּיראָבּידזשאַן.

אַמוראָ — [אַמוירע] דער, ־ים [אַמויראָאים].
<יומא, כ/ב. פֿון 'אָמר, — זאָגער, פּרשן. אויסטײַטשער. אַמוראָים — די חכמים אין בבֿל און אין ארץ־ישׂראל פֿון אָנהייב 3. י״ה (גלײַך נאָך חתימת־המשנה) ביז סוף 5. י,,ה (נאָך חתימת־התּלמוד). די אַ'ים האָבּן ממשיך געווען די טראַדיציע פֿון דער תּורה שבעל־פּה. די אַ'ים אין בבֿל האָבּן געשאַפֿן דעם תּלמוד בבֿלי; די אַ'ים אין א״י — דעם תּלמוד ירושלמי. די אַ'ים באַטראַכטן זיך ניט ווי זעלבּשטענדיקע
בּרסמכאס צו פּסקענען, נאָר בּלויז ווי מפֿרשים, אויסטײַטשערס פֿון די תּנאָים. זייער עובֿדא איז באַשטאַנען אין מסבּיר צו זײַן די האַרבּע
שטעלן אין דער משנה, אויסגלײַכן סתּירות אָדער זי דערגאַנצן און ציִען די פּראַקטישע
מסקנות פֿאַרן טאָגטעגלעכן לעבּן. טייל אַ'ים זײַנען געווען ראָשי־ישיבֿות, דיינים על־פּי רובֿ אָן שׂכירות. זיי האָכּן געצויגן זייער חיונה פֿון אומנות, מלאָכה, לאַנדווירטשאַפֿט, מסחר

מה. מע טיילט אײַן די אַ'ים לויט דורות,
גענוויינלעך זיבּן. דער טיטל פֿאַר די אַ'ים אין
בּבל איז געווען רבֿ, אויך מר, אין א"י — רבּי.
„אָבּער די דורות דערנאָך [נאָך די תּנאָים] האָט
מען גערופֿן אַ'ים, דאָס איז בּאַשיידער... זיי
בּאַשיידן דאָס משניות", סשי, ב/יג. „געטרײַע
ייִדן... שטייענדיק אין מאַרק האָבּן זיי
געטראַכט וועגן אַ וואָרט תּורה, אַ מעשׂהלע פֿון
אַ תּנא, אַן אַ',,, לדבּ, נ"י 1957, רכו.
אמור... ואָמרת — [עמויר ווייאָמאַ'רטאָ]
תּח <ויקרא, כא, 1. 'זאָג (צו די כּהנים...)
און זאָלסט זאָגן (צו זיי)'. געניצט ווי אַ
שטרענגע וואָרענונג. [מאַכט רש,,י: דעריבּער
שטייט אי ,אמור, אי 'ואמרתּ, „להזהיר גדולים
על הקטנים" — קודם־כּל זאָלן זײַן די עלטערן
אָפּגעהיט... ניט טמא צו ווערן, און זיי זאָלן
שטרענג פֿאַרזאָרגן אויך די קינדער זייערע.]
אויף דער אומלעגאַלער קאָוונער ,בּערזע, [אויך
אַנדערשוואו?] וואו מע האָט אָנהייבּ 20ער יאָרן
פֿון 20. י"ה געהאַנדלט מיט וואַלוטע —
א) וואָרן־צייכן אַז עס קומט אָן פּאָליציי;
בּ) אָנזאָג אַז מע פֿאַרקויפֿט דאָלאַרן נאָר פֿאַר

גאָלד־געלט (פֿאַר האַרטע).
אַמורטשיק — דער, ־עס. (מיט ביטול)
קאָכאַנטשיק. קופּידאָן. ליבהאָבער. *שפּילן אין
אַ'עס = (מיט ביטול) שפּילן אַ ליבע. ,,די
שלעפּורעס,... שפּילן אַ ביסל אין אַ'עס, אָפּנאַרן
די מיידל און אַ גוטן טאָג,,, טויבע סעגאַל, עולס
המע▯)ה, וואַרשע 1883.
אמור מעט ועשׂה הרבה — [עמוי'ר מעאַ'ט
וואַסיי, האַרביי'] זאַץ. תּח. <אָבֿות, א, יד.
רייד ווייניק און טו אַ סך, [פֿון שמאַיס,
פּאָפּולערע מאמרים]. ,,לעת־עתּה וואָלט מען געדאַרפֿט
מאַכן ווייניקער דערקלערונגען... א, מ, ו, ה'“,
דוד פֿלינקער, טמז, 25 ▯1967 .II
אמות־הקריאה — [אימויס האַקריִע] די. ,
מוטערס פֿון לייענען'. די פֿיר אותיות — א, ה,
ו, י — וואָס דינען אויך כּדי צו פֿאַרלייַכטערן
דאָס לייענען לשון־קודש (כּתיבֿ מלא).
אמזל — ← אמסל.
- ▯
אַמט — דער (די), ־ן. 1 .Mhd: amt.
אָפֿיציעלע שטעל, ספּעצ מלוכהשע. שטאַנד,
פּאָזיציע אין אַן אינסטיטוציע, אָרגאַניזאַציע פֿירמע
,

אע. זײַן אין אַ, פֿאַרנעמען דעם אַ, פֿון...
צו.
ריקשטעלן אין אַ'. האַלטן (איבערנעמען,
באַזעצן, באַטרעטן) אַן אַ'. אײַנפֿירן, אײַנשווערן
אין אַ'. געקליבענער (באַשטימטער,
באַשטעטיקטער) אַ'. אַ־ט ע ר מ י ן. אַ'־ק ל ײַ ד ע ר. מ
פֿאַרטײַטשט 'כנך, (בראשית, מ, 13): ,,דײַן
אַמט" [תּי: דײַן שטאַנד,,]. אַזוי אויך טח. סהמ
פֿאַרטײַטשט 'על כנו, (דניאל, יא, 38): ,,אויף
זײַן אַמט" [תּי: ,,אויף זײַן אָרט,,]. ,,וואָלף איז
בײַא זײַן אַ, גיבליבן", פּראָגב, 15. ,,דער ניט
שני שנים רצופֿים האָט זײַן חודש געלט ניט
געבין במלואו דאַרף קיין אַ, האבין", 'תּקנות
ק,,ק ניקאָלסבורג', 1676. ,,מיך איבר רעט דשׂ
איך איין אַ, בגערין זאָל", משה אײַזענשטאַט
איבז, דרך הישר לאבֿן בוחן, 1746. ,,ווען
גאָט גיט אַן אַמט (צין) דעם גיט ער אויך

פֿאַראַמט־שרײַבער

שטאַנד,,, אמד, ספּורי מוסר, ווילנע 1875. "דאָס
בלעכל פֿון זײַן אַ, איז געווען צוגעטשעפּעט
צו דער ברוסט,,, ייִז, דערציילונגען.
2. אַרכ. באַאַמטער. ,,אַלי אַמטין זול איקליכר

זײַן תּקנה אויש גישריבּן האבּן", תּקק. "ער מאַכט (מלכים)... און, פּרינצן און אַנדרי

,

אַמפּטין איבּר די גאַנצי וועלט,,, שאַר, קד/ב

3. (געוויינלעך די) אינסטיטוציע, אַנשטאַלט. אָפּטייל פֿון אַ גרעסערן מלוכהשן אָרגאַן. דזוו אַ'־ש ט ו בּ. יוסטיץ אַ'. טעלעגראַפֿן אַ'.

וואוי־ -

נונג־א, פֿון שטאָט. שטײַער אַ'. אַ'־בּ ו ך. אַ,־

-

ז ש ו ר נ אַ ל. ,,זא בּין איך גשלאָסן וואָרדן [אין קייטן] און, פֿון דא גליבּרט וואָרדן אַן דעם אַ',,, גה, 388. "מע דאַרף נאָך אין אַ, זיך בּאַראָטן", סעג, אַ בּוים פֿון פּוילן. "די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פֿון דער קהילה מיט די בּאַזונדערע אַ'ן...", עמנואל רינגעלבּלום כּתבֿים

פֿון געטאָ. . אַמפּט.

אַמטיק — אַדי. נעאָל, סטוטש, 435. אַנשטאָט אַמטלעך ←. נר.

אַמטירן — אוטוו ־טיר, אַמטירט פֿאַרנעמען

. .

אַן אַמט. דער אַמטירנדיקער פּרעזידענט. אַ,
בלויז צײַטװײַליק. ־ונג.
אַמטלייט — די. מצ. באַאַמטע. ← אַמט(ס)־

-

--

מאַן. מענטשן װאָס פֿאַרנעמען אַן אַמט. „דער
גוף פֿון דען מענשן איז גלײַך אַז איין הובֿ
[= הויף] פֿון איין קיניג, װאורין זײַן קנעכט
און אַמט לײַט איבר זײַן הויז גישטעלט זײַן“,

,

חה, אַמשט 1716, לח/ב. „געגעבן מתּנות די אַ,
און די הערשער אַז קיין ייִד זאָל דאָ ניט קענען
קומען האַנדלען,„ קאָס, ייִבל X [ציטירט פֿון
שו„ת ספֿר א ן השהם ומאירת עיני].
אַמטלעך — אַדי. װאָס איז פֿון (לויטן,
בהסכּם מיטן) אַמט. אַן אַ'ע פֿאַראָרדענונג. אַ'ע
קליידער. „איז דעמאָלט אַ, געװוען אין
פּעטערבורג“, משה קליינמאַן, יודישער קאַלענדאר
לשנת תּרס“ט, לעמבערג 1908. „דער
פּריסטאַװ... װעלכער האָט כּסדר געשוויצט,

באַזונדערס ווען ער האָט געהאַט אַן אַ'ע שליחות",
נס, משפּחה מאַשבער.

אַמט(ס)מאַן — דער, ־(ס)לײַט. באַאַמטער, טשינאָווניק. ,,... האָט דערציילט די גאַנצע זאַך פֿאַר דיזן אַ,, דאָס הייסט צינאָווניק'', אמד, פּחד בלילה, וואַרשע 1855. אַ'־פֿ אַ ר נ ע ם. אַ,־ ש אַ פֿ ט. אַ'־ש בֿ ו ע ה.

אַמטשיסלאַוו — גנ דזוו מסטיסלאַוו(ל). קרײַזשטאָט אין ווײַסרוסלאַנד, מאָהילעווער ראַיאָן [1897 — 8,514 אײַנוו', 5,676 ייִדן, 1926 — 3,371 ייִדן]. געבוירן־שטאָט ון שמעון דובנאָוו. [אין אַ תּשובֿה פֿון רבֿ ר, יעקבֿ ליפּשיץ פֿון אַ, צו הרבֿ מליאַדי (אין שלחן ערוך הרבֿ מליאדי) באַשטייט דער ובֿ פֿון אַ, דערויף אַז סײַ יִדן סײַ ניט־ייִדן רופֿן די שטאָט: אַמציסלאַוו ' ובכּתבֿי ישׂראל כּו בֿים אַמטשיסלאַוו'].

אַמט־שרייבער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס.

אָנגעשטעלטער אין אַן אַמט וואָס דאַרף פֿאַרשרײַבן, איבערשרײַבן אע. ,,צו מיר קומן בתּפֿיסה דער פּוקד און אַמט שרײַבר... ובידים

,

איין בּיפֿעהל בּחותם של השׂר...“, גה, 379.
„,האָט אשת הרוצח גיזאגט: די אַמפּט שרייַבּרן
בּרענגט מיַין מן אום זיַין לעבּן, דען דיא אַמפּט
שרייַבּרן האָט די רצחנים מסית גווען,,, שו“ת
חוט השני פֿ□דמ 1679, ז, 233.

,

אַמיגאָ — דער, ־ס. שפּאַ פֿריַינד, געליבּטער,
ליבּהאָבּער. “און איַער אַ, ווילענסקי“, מ.
אַלפּערסאָן

אַמיגדאַליטע — די. בּא. רומ. אָנצינדונג
פֿון די מאַנדלען.

אַמיוזמענט — דער, ־ס. אמ. □on□se□ו][a: □ .
פֿאַרוויַלונג. “איך האָבּ דאָרט געפֿונען אַ רעכטן
אַ'“, ירמי, יוסף יאָקאָבּזאָהן, המאיר לארץ,
מינעאַפּאָליס 1900. אַמיוזן — טרוו
פֿאַרוויַלן, אַמוזירן.

אַמיטאָ, ז — דער. <איי <גר. (בּ□אָלאָגיע)
פּראָצעס פֿון דירעקטער טיילונג (פֿאַרמערונג)
פֿון קעמערלעך אין געוועבּן פֿון אַ בּעל־חי
אָדער געוויקס, אָן פֿאָרמירונג פֿון בראָמאָזאָמען.

־טיש — אדי. אַ'ע צעטיילונג.
אַמיי — ←. אַמאַי.
.
אַמיי, — אַדוו. (קלעזמער־לשון) אַהיים. כיליע
־
אַ, = גיי אַהיים. אויך: אַמהיי [איבערגעשטעלט
פֿון: אַהיים].
אַמיי'ן — אדוו. פּד. בעסער, ליבער, הלוואַי.
"אַ, וואָלט איך אים ניט געקענט". "אַ, וואָלט
דער טאָג פֿאַרשאָלטן געוואָרן, ווײַל איך באַוויין
מײַנע יונגע יאָרן" ל. "אַ, וואָלט איך צו אַלדי
שוואַרצע יאָר (שעלט איך מיך) פֿרום געוועזן",
פּרץ, 'דאָס אָרעמע ייִנגל'.
אַמייס, אַמייז(ע) — די, ־ן. Mhd: ameiꝫe.
אַרכ מיִ מוראַשקע, מערעשקע. "ד אַמייסן
['הנמלים'] זײַנן אַ שוואַך פֿאָלק", משלי בלשון
אַשכּנז פּפֿדמ 1713. "שלמה המלך שיקט אונדז
צו דער אַמייזע (מוראַסקע)... אום
אָפּצולערנען זיך ווי צו זײַן פֿלײַסיק", אמד, דער בן
יחיד, ווילנע 1875. רגל: אומייסן, 95.

אַמי'ל אַלקאָהאָל — דער. באַ. סאָרט עסיק,

-

אַ בײַפּראָדוקט פֿון יעדער אַלקאָהאָלישער יוירונג. „גאָר אַלטע פֿאַרדאַרטע ◻לעקן ווײַכט מען פֿרִיער אָפּ מיט אָנגעוואַרעמטן אַ אַ'", ש.

-'

שפּירא, קליידער ◻ארבּערײַ, וואַרשע ◻)19.

אמי מורתי — [אימי מויראָסי]. 'מײַן מוטער, מײַן לערערין'. אויסדרוק פֿון דרך־ארץ בײַם שרײַבן אַ בריוו אָדער בײַם דערמאָנען איר נאָמען: "לכּבֿוד א, מ, תּחיה", „לכּבֿוד א, מ, נרה יאיר", „א, מ, האָט מיר אָנגעזאָגט". ספּעצ ווענן אַ פֿאַרשטאָרבּענער: "א, מ, ע"ה", "א, מ, מנוחתה עדן", "א, מ, זכותה תגן עלינו", „א, מ, ע„ה זאָל זײַן אַ גוטע בעטערין פֿאַר אונדז", "א, מ, זאָל זיך מִיען פֿאַר אונדז אין ליכטיקן גן־עדן", „א, מ, — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבּן". "דעם פֿאָטער אָדער די מוטער טאָר מען ניט רופֿן בײַ זייער נאָמען, נאָר מע זאָגט אַבּא מורי, אָדער א, מ'", ססי I.

,

אַמי'ן — דער. (כעמיע) אַלגעמיינע באַצייכענונג פֿאַר אַ סעריע כעמישע פֿאַרבּינדונגען וואָס

שאַפֿן זיך פֿון אַמאָניע, ווען אַן אַטאָם אָדער

14()3

אַטאָמען פֿון הידראָגען ווערן פֿאַרביטן מיט אַן אָרגאַנישער גרופּע.

אַמיס טן, אַמיס טנע, אַמיס נע — אַדוו.

דזוו אומיסטן, אומיסנע (. 595). בכּיוון. אַדרבּא. „הערט אַ'טן, וועט איר שטוינען“, ייִל, כּל־בּוניק, זשיטאָמיר 1876, ז, 65. “האָב איך... אַ'טנע געשיקט צום פּריץ...“, יפּ. “האָט ער אַ'טנע איבערגערעדט דעם קטרוג", ש חי בּעש“ט. “אָט לאָמיר אַ'טנע איבערקלערן...“, הירש רײַטמאַן, דער קיטטעל, ווין 1863. „ אַזוינע וואָס לאָזן אַ'נע פֿאַרבײַ דעם טראַקט פֿון יושר„, מס, משלי תּקע“ד, ב, 13.

אַמיצות — [אַמיצעס] די, ־ן. גײַסטיקע שטאַרקייט, מאָראַלישע פֿעסטקייט. אַ פּעולה אין אַ, = דאָס שטאַרקן זיך כּדי זיך צו .רן אַנדערש ווי די וועלט, נאַוואַרעדקער מוסרניקעס. פֿון נאַוואַרעדקער תּורה געפֿעלט אים מער פֿון

„

אַלץ דאָס טאָן אויף אַ', ניט נתפּעל ווערן פֿאַר

— אַ־כּ ו ח. II צמח אַטלאַס, חג, דער וועלט“ אָנשטרענגונג פֿון כּוח(ות). „ווען איר וואָלט מיט אַ־כּ, פֿונעם זאַק אַרויס“, ממוס, מסעות.
אַמי□ן־בּוה — דער, מצ: אַמיצי־... >איוב, ט, 4 אא ,שטאַרק אין כּוח', קרע□טיק, בּעל□דח.
אַמיץ־לבֿ — [... לייוו (לעוו)] דער, מצ: אַמיצי־... [אַמיציי־...]. >עמוס ב, l6. בּאַהאַרצטער, מוטיקער, גבּור־חיל. „און דו, אַ־ל', וואָס האָסטו געטאָן ווען מיר זײַנען געשטאָרבּן?“, חג, 'חרובֿע קלויזן'. ← אומץ־לבֿ, 647. ← אימוץ־לבֿ.
אַמיראַטוס — דער, ־ן. שטיין פֿון אַ גרינבּלוילעכן קאָליר וואָס מע פֿלעגט אין אַלטע צײַטן אויסגראָבּן אין געגנטן פֿון אַראַבּישן
,
בּאַרגקייט'. אַ, איז אַ קיזלשטיין וואָס מע פֿלעגט ניצן פֿאַר פֿאַרשווענדעריש רײַכע בּנינים. “ גרושי מעכטיגי קאַמרן די וואַרן גיבּויאט פֿון אייטיל קעשׂטליכן שטיינן די גינענט ווערדן אַ, אונ, די זעלבּיגן שטיין דיא האבּן איין (סגולה)... דשׂ ווער זיא בּײַא אים טראָגט דעם ווערדן אלי זײַני בּיגערונג דר פֿילט צו גוטס“, יוסיפֿון,

אַמש ט 61□1, נח.

אַמירה — [אַמירע] די, ־רות. <קידושין, כח/ב. דיבּור, מאמר, ווערטל. ״עס שטייט געשריבּן: 'ער האָט געזאָגט און עס איז געוואָרן'... היינו בּלויז איין אַ'״, אלרהו ליפּינער, אידעאָלאָגיע פֿון ייִדישן אַלף—בּית בּ״א 1967. ״מיר ווייסן דאָך אַז... אַ, מיינט בּלשון רכּה — מיט אַ ווייכער שטים״, הלל ז□.דמאן, טמז, 1968 IX 13.

אַ, בּעלמא — [בּייאַלמע] תּח. <תּורה תּמימה, ויקרא, ה, 1. זאָג, זאָגעכץ גלאַט (סתּם) אין דער וועלט אַרײַן, אַ צוזאָג וואָס איז צו גאָרניט מחייבֿ. „זײַן הבֿטחה איז בּלויז א, בּ', און לייג זיך ניט קיין פֿייגעלעך אין בּוזעם״.

אַ, לגוי אסורה — [... לייגאָי אַסורע] זאַץ תּח. <אור החיים, שמות, לה, 2. דאָס זאָגן צו אַ גוי (ער זאָל טאָן אַ מלאָכה אום שבּ□) איז פֿאַרבּאָטן (מדרבּנן).

אַ, לעבּום ש□ות — [... לייאַקום שוואוס] זאַץ. תּח <שבּת, קנ/א. דאָס זאָגן דירעקט

אַמישנע

צו אַ גוי ער זאָל עפּעס טאָן פֿאַר אַ ייִדן אום

שבת הייסט: עובֿר זײַן אויפֿן געבאָט פֿון
רוען. [אויב אָבער אומדירעקט, כלאַחר־יד —
איז דער דין ניט חל, למשל: „ווען ניט שבת
וואָלט איך געזאָגט: 'איוואַן, שטעל דעם
סאַמאָוואַר!',,]. בײַ פּרץ, שטעט און שטעטלעך: אַ,
ל נ כ ר י [... ליינאָכרי] — „אַז אַ פּראָצענטניק
איז מחלל שבת מיט אַ, ל', און הייסט...
אַראָפּנעמען די בענטש־לײַכטערס“.

אם( )ירצה(־)השם — [אים ייִרצע האַשעם;
געווײנלעך אַרויסגערעדט מי'רצעשעם, מע'
רצעשעם] 'אויב עס וועט וועלן דער נאָמען'.
געניצט מיטן ב: אויב דער אייבערשטער וועט
וועלן; מיט גאָטס הילף [פֿאַרשפּרייטער אויסדרוק
אין רעדן, שרײַבן, ווען מע נעמט זיך אונטער
(מע האָט בדעה) עפּעס צו טאָן, אָדער ווי אַ
ברכה, אַ וואונטש]. ראָשי־תיבֿות: איה“ש.
„איה„ש אַז מיר וועלן דערלעבן“; „איה“ש וועלן
מיר פֿירן אונדזער בת־יחידקע צו (אונטער
דער חופּה“; “איה“ש בײַ אײַערע קינדער אויף
דער חתונה“; „איה“ש בײַ דער בר־מצווה“;
„איה“ש אויב איך וועל קומען בשלום„; „איה“ש
וועל איך אײַך מיט דאַנק אָפּדינען“; „איה“ש
וועל איך שבת גומל בענטשן“; “איה“ש נאָך
שבֿועות וועלן מיר אָנהייבן צו בויען אַ נײַ

הויז״. ״ווען מן רעט דז וויל איך טון אודר מן שרייַבּט, זא מושׂ מן דרין זעצן א, י, ה', דאז איז טײַטש: אונ, ער וועט וועלן גוט יתבּרך,,, בּראנט, פּ⃞דמ 1676, פּרק נ. ״דער כּלל פֿון בּהעפֿטן אַן דער אמונה איז אַז מן זאָל זיך אימר גווינן צו זאָגן א, י, ה', אין טײַטש מיט גאָטשׂ ווילן״, עח, ח/א. ,,איך וועל איה״ש שון מאַכן דז זי איר געלט ניט צו אומווערדן אויזגעבּן״, י. מאָרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. ,,איין טעם וואָס מע זאָגט אויף יעדער זאַך וואָס מע וויל טאָן א, י, ה', ווײַל עס שטייט: איין מענטש טראַכט פֿיל, אָבּער השם־יתבּרכ'ס עצה בּלײַבּט״ [״רבּות מחשבֿות בּלבֿ איש, ועצת ה, היא תקום״, משלי, יט, 1⃞], ס⃞ר מטעמים, פֿיעטריקאָוו 1905. ״מאָרגן וועט זײַן, א, י, ה,, דער בּרית מיט מזל״, פּרץ, 'האשה מרת חנה,.
אס־ירצה־הש'מיק — אַדי. ״דער א'־י'־ה'ער טאָג״, נאָמ צו שע. פּפֿ: מי' רצעשעמדיק. [אין קאַל ווב — אם ירצה הגוזר].
אַמיש — אַדי & דער, ־ן. מענאָניט. קריסטלעכע סעקטע אין אַמעריקע וואָס צייכנט זיך אויס מיט עכטער פֿרומקייט, עטישער אויפֿפֿירונג און האָט אויפֿגעהיט אין קליידונג און לעבּנספֿיר אַ סך שטריכן פֿון 17. י״ה. אַ'ע

קליידער. [״די מיטגלידער פֿון דער סעקטע זײַנען
אַהער געקומען אויף דער אײַנלאַדונג פֿון
ווילאַם פּען אין די ערשטע יאָרן פֿון 17. י״ה און
י
זיך באַזעצט אין פּענסילווּעניע,,, טמז, 1961
27 III.]
אַמישנע — אדוו. פֿטמ. דזוו אומישנע
(← 595). 1. בכּיוון. לויט אַ פּלאַן. ,,האָט
ער מיט חכמה אַ, אָנגעשטעלט אַז מע זאָל
מיינען...״, שארית ישׂראל, ח״ב מספּר יוסיפֿון,
לעמבערג, יאָר? ,,מע פֿירט זיי אַ, מיט רויטע

אַמ(י)תיות

קעלנער״, טעיאַטאָר. ,,זיי קומען אַ, פֿאַרהערן
דעם עילוי״, פּרץ, 'מאָניש,. ,,כ'בּין אַ, געקומען
צום רבּין וועגן אַ מקשה־לילד,,, א. בערגמאַן,
קאָצקער מעסtיות, וואַרשע 1929. 2. אויף
צופֿלײַסן, מיט אַן אָנשטעל. רײַטן פֿאַר אַ' אויף
אַ שטעקן. אַ גרויסער רשע... קומט אַ, פֿרעגן
דעם טעם [פֿון אַ מצווה] בכדי ער זאָל לאַכן
אויס די מצוות,,, משלי יעקבֿ, הגדה של פּסח.
,,איך בּין נאָר דײַן ווײַב סאַר אַ״, בּ. דעמבלין,

-

ער□ נאַכט.

אַמ(□)תיות — [אַמיטיִיעס] די, ־ן. פּפֿ:
אַמיתות. <תּוספֿות, פּסחים, קד/ב. אמתדיקייט.
,,ווער איך בּאַשרייַבּן די גערעכטיקייט און אַ,
פֿון אַנשי־שלומנו“, קמ, 5 1869, No. ,,ער וואַר
אַ גרויסער למדן... איך האָבּ מיר אָנגעהערט
פֿון אים גרויסע אַ',,, אמד, מאָטקע און
הערשקע, ווילנע 1873. אַ'־ה ווי ד וי —
אמתדיקייט פֿון ווידוי־זאָגן, אמתער ווידוי. ,,נאָך
איין פּעולה איז פֿון אַ'־ה, בּלבֿ נשבּר“, פּוקח
עורים, שקלאָוו 1832.
אם יתקע שופֿר בּעיר, ועם לא יהרדו?
— [אים ייִטאָקאַ שויפֿאָר בּייאי'ר ווייאָם לוי
יעכ(ע)ראָדו?] זאַץ. תּח. <עמוס, ג, 6. 'צי ווערט
אַ שופֿר געבּלאָזן אין שטאָט, און דאָס פֿאָלק
זאָל ניט ציטערן?', תּי. געניצט: א) בּעיקר
אין חודש אלול ווען מע הייבּט אָן בּלאָזן שופֿר,
וו אַ רוף צו תּשובֿה; בּ) ווען מע הערט וועגן
י
אַ מיליטערישן צוזאַמענשטויס.
אם־כּן — [אי'מקיין] זוו. קאָנ. <בּראשית, כה,
22. ,אויבּ יאָ אַזוי', וויבּאַלד עס איז אַזוי.

געניצט ווי אַן איינפֿיר צו אַן אויספֿיר פֿון
פֿריִערדיקע רייד, אָדער פֿון אַ סיטואַציע. „א,־
כ', אַז ס'צער פֿון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס,
טאָ לאָמיר (נאָמיר) נעמען אַ שנעפּסל„, פֿוול.
א'־כ אַז דו בינסט געקומען... קוק מיר

,

[= מיך] אָן און הער מיך אויס“, קח. “איז
בין דען חלילה עובֿר אויף אַ קוֹצו־של־יוד?
חסוחלילה! א,־כ, פֿאַרוואָס זשע ביי... יעדן
עסן... שלאָגט ער מיך מכּות רצח?“, ייִל,
ניט טויט, ניט לעבעדיג, ווילנע תּרנ„ח. “א'־כ,
זאָג איך, מורא האָבן פֿאַר אַ קלאַפּ — וואָלט
מען דאָך געדאַרפֿט גאָר אינגאַנצן זיך
אַוועקלייגן און שטאַרבן, שׂונאי־ציון„, ממוס, '
בישיבֿה של מעלה'. “ס אַ משל! נו, א'־כ', אַז דו

,

האָסט געזאָגט, איז וואָס?„, שע, אין שטורם.

אם—בן אין לדבֿר סוף[— ← אין לדבֿר
סוף.

אס־בן, למה זה אָנוכי — [... לאָמאָ זע
אָנויכי] זאַץ. <בראשית, כה, 22. „אויב אַזוי
נאָך וואָס דען לעב איך?“, תּי. [רבֿקהס רייד

ווען זי איז געווען מעוברת און די קינדער האָבן
זיך געשטויסן אין איר בויך. רש״י מאַכט אַז
זי האָט געהאַט חרטה וואָס זי האָט מתפלל
געווען זי זאָל ווערן שוואַנגער.] געניצט
אויסצודריקן אומצופֿרידנקייט, אַנטוישונג,
רעזיגנאַציע. „א־כ', אַז דער צער פֿון טראָגן אויך:
שרייַבן, שאַפֿן, אע], איז אַזוי גרויס, ל, ז אָ'?
,
וואָס האָב איך געדאַרפֿט אײַנלייגן וועלטן?“.
„א־כ', אַז דער צער פֿון טראָגן איז יאָ אַזוי

14()9

גרויס, הײַנט ל, ז, אָ'? וואָס זשע דאַרפֿן מיר
מאַכן קונצן?“, בן־עמי, יוד, פֿאָלקס־ביבליאָטעק,
1 No '1888. שפּאַסיקער חדר־טײַטש, אומאיידל:
„א־כ, — אויב יאָ אַזוי, למה — פֿאַרוואָס,
זה — דאָס, אָנוכי — איך„..
אם—בן מה הועילו הכמיס
בתקנתם — [... מאַ הויאילו כאַכאָמים
בייטאַקאַנטאָם] זאַץ. תּח. <כּתובות, י/א. וואָס האָבן
די חכמים אויפֿגעטאָן מיט זייער (נײַער) תּקנה?
געניצט בײַ אַ טענה, אײַנווענדונג קעגן אַ נײַעם
אײַנפֿיר, באַשלוס פֿון אַן אינסטאַנץ אע „וואָס

דאַרף מען די נײַע סטאַטוטן? א'־כ, מה... זיי וועלן דאָך ניט ברענגען קיין נוצן".
אַמכו, אַמכאָווסקי — "עמך. מיט דעם וואָרט האָבן ייִדן אויף דער אַרישער זײַט זיך געגעבן צו דערקענען, רעדנדיק פּויליש", בלום.
אם לא — [אים לוי] ← דוווו. אויב ניט. סײַדן. "זי טוהן דעם זעלביגן ממית זײַן אָדר מזיק, (אם לא) מן גיבט איין אַנדרן אַן זײַן שטאַט [= אַנשטאָט אים]", מענה לשון אויף טײַטש, פּיורדא תּקכ"ו.
אם לאַוו — <בבֿא קמא, ס/א אא. אויב ניט (אַזוי). געניצט אָפּצופֿרעגן אַ הנחה אָדער אָנצווײַזן אויף אַן אַנדער מעגלעכקייט. „האָט עס עמעצער געזען איז פֿאַרפֿאַלן; א, ל, — קען ער לייקענען שטיין און ביין„.
אם לא זר — אָז פּיך — [... לוי זאָר,... פּיכאָ] זאַץ. תּח. <זוהר, מטות, במדבר, לא, 8. 'אויב אַ פֿרעמדער (לויבט דיך ניט), דעמאָלט זאָל דײַן מויל (דיך לויבן)'. באַזירט אויף: „יהללך זר ולא פּיך", משלי, כז, 2 — זאָל דיך לויבן אַן אַנדערער און ניט דײַן מויל, תּי. — און איבערגעדרייט דעם זינען.
אם לא יגיד — [... לוי יאַגיד] פֿראַזע תּח.
<ויקרא ה, 1. ,אויב ער וועט ניט אויסזאָגן'.

[סוף פּסוק: "ונשׂא את עוונו" — וועט ער טראָגן אויף זיך אַ זינד; דאָס איז די 53סטע מצוות־עשׂה; אויב עמעצער ווייס פֿון אַ מאָרד אָדער געשלעג, איז ער מחויבֿ פֿרײַוויליק צו קומען פֿאַרן בית־דין און עדות זאָגן.] געניצט מיט בבֿ: א) אויב עמעצער ווייס וועגן אַן עוולה און פֿאַרשווײַגט, באַגייט ער אַ סאַרבּרעך;

-

בּ) אויב דער פֿאַרקויפֿער פֿון דער סחורה זאָגט ניט דעם קויפֿער אירע חסרונות. "א, ל, י, פֿאַרוואָס מאַכסטו אַ שווײַג?". „א, ל, י, —

ער מאַכט זיך געפֿגרט". „גוט, ער ווייס טאַקע, וואָס וועט אָבער זײַן א, ל, י'?„..
אם לא יועיל — לא יזיק — [... לוי יאָאיל, לוי יאַזיק] זאַץ. תּח. <שבֿט מוסר, רפ"ט. 'אויב עס וועט ניט העלפֿן (בּרענגען נוצן), שאַטן וועט עס (אַוודאי) ניט'. "די מערהייט האָט אָבער געפֿונען אַז מע קען דערמיט גאָרניט אָנווערן, א, ל, י', ל, י'„, דר, א. י פֿריידענבּערג,
.
זכרונות, בּריסל 1938. „כ'וועל נעמען אַ

גלעזעלע [משקה]... א, ל, י', ל, י'„, באש, פּאָר,
פֿון דער אַנדערער זײַט, האָב איך 3 XI 1960
.„
זיך געטראַכט, וואָס קאָן מען דאָ פֿאַרלירן? א,
ל, י', ל, י'„, גרינ, איד און וועלט. שפּאַסיק:
„א, ל, י, — אויב יואל דער רופֿא מומחה, קאָן

אָמן

ניט העלפֿן, ל, י, — אַפּשיטא אײַזיק דער
פֿעלדשער!“.
אם לא עכשיו — אימתי? — [. ◌. לוי
אַ'כשאָוו — איימאָסײַ?] זאַץ. תּח. <אָבֿות, א,
יג. 'אויב ניט איצט — ווען דען?', ד„ה מע
זאָל ניט דורכלאָזן די איצטיקע געלעגנהייט,
די מעגלעכקייט עפּעס אויפֿצוטאָן גלײַך איצט,
ווײַל אין אַן אַנדער צײַט קען עס ווערן
אוממעגלעך. „חתונה געהאַט, אַ ווערקשטעל
געעפֿנט — א, ל, ע, — א'?“, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען.
אַמליבסטן — אדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־.
ליבער פֿון אַלץ. צומליבסטן. „מן זאָל איין
ג[אַ]שׂט פֿראגן ווש ער אַם לי◌ שׂטן אישׂט אודר
גערין אישׂט“, בראַנט, פּרק כט.

אַם למדת תּורה הרבּה, אַל תהזק
טובֿה לעצמך — [אים לאָמאַדטאָ טוירע
האַרבּיי... טאַכזייק טויווע ל אַ'צמעכאָ] זאַץ. תּח
יִ'
רבּן יוחנן בּן זכּאַיס אַ מאמר. <אָבֿות ב, ט.
'אויבֿ דו האָסט געלערנט אַ סך תּורה, — א) נעם
זיך ניט איבֿער דערמיט; בּ) האַלט ניט דאָס
גוטס פֿאַר זיך, נאָר פֿאַרשפּרייט זי; סוף פֿון
מימרא: 'כּי לכּך נוצרתּ, — וואָרעם דערצו
בּיסטו בּאַשאַפֿן געוואָרן.
אָמלע'ט — דער, ־ן. <איי <פֿר. 1
פֿײַן.
קוכן, געפֿילט מיט אײַנגעמאַכטס, גרינסן, קעזן.
2. בּעס אַ סאָרט קאָמישבּרויט וואָס מע בּאַקט
פֿאַר אַ שׂמחה אָדער יום־טובֿ, ספּעצ צו חתונות.
אַממיי()סטן — אַדוו. פּד. דזוו אַממערסטן
←. “... וועלכע נײַערט אַן מיינטן מאג
האבֿן,,, ספֿר משלים פּפֿדמ 1686, מה/ב. ,,אַ'ס
,
האָט אים אינטערעסירט די אַלמנה,,, ממוס,
שלמה. ,,אַן אשה וואַס איז אַ, געזעסן צווישן
די מאַנצבּילן,,, י. וואַרשאַווסקי, 'ר, יוסל מינץ'.
,,אין אַזעלכע אָוונטן, אַ, אין האַרבּסט אָדער
ווינטער,,, א. קאַגאַנאָווסקי, ,די מומע הדס'. ,,אַ,

ווײל ער פֿאַקן שׂמחה־מאירן, דווקא דערפֿאַר
וואָס דער קלײנער האָט אַן אײַזערנעם קאָפּ“,
ייִז,... אַשכנזי.
אַממעטער — דער, ־ס. מכשיר צו מעסטן
דעם עלעקטרישן שטראָם אין אַמפּערן.
אַממערסטן — אַדוו. אין דעם רובֿ פֿאַלן.
„אַ, באַסאַלט זײ די קרענק, ווען זײ ווערן ברוגז
-

□ט דער שענק“, א. בּ. רוף□ דער שיכּור.. ,
וואַרשע 1871. „אַ, צינדט מען ליכט, ווען עס
איז נאָך גרויסער טאָג“, ספֿר מטעמים, לאָדז,
יאָר? „אַן אײנציק קינד איז אַ, אַכזר און
אַמווײניקסטן פֿעאיק זיך צו אונטערגעבן ווען
עס איז„, דר, י□ראל רובין, די טראַגעדיע פֿון
בּן־יחיד, בערלין 1926. „געפֿינט □יך אין באַלוט,
אין דעם אַ, אומהיגיעניש אָרעמען טײל
[פֿון לאָדזש]“, 'טאָז', שריפֿטן, וואַרשע 1929.
„אַלץ □אַרלוירן, אַ, פֿרעמדע געלטער„ פֿאָר,
,
-

.l9 I 19􏰀4
אָמן — [אָ'מיין] דער, ־ס. <בּמדבּר, ה, 22 אאַ.
בּבֿ: אמת, ריכטיק, מסכּים. איך גלייבּ, הלוואַי.
זאָגן אָ'. ענטפֿערן אָ'. ניט דורכלאָזן קיין 􏰀

אָמן

נאָך אַ בּרכה. נאָכזאָגן אָ'. אונטערכאַפּן אַ'.
אַיועקכאַפּן דעם אָ'.
אָ, — טראַדיציאָנעלער אופֿן צו בּאַשטעטיקן;
אויסדרוק פֿון הסכּם, צושטימונג. מען
ענטפֿערט אויף אַ וואונטש אָדער מע גיט צו צו אַ
וואונטש כּדי צו מאַכן עמפֿאַטישער; אויך בּײַ
אַ צוזאָג, בּײַ נעמען אויף זיך אַ התחײַבֿות.
"גוט זול אונשׂ משיח זענדן... בֿוירן אין דשׂ
הייליק לאַנט. דשׂ מיר עשׂ אַל דער לעבּן
שפֿרעכט אָ, צו האַנט", שמואל־בּוך, סטראָ􏰀ע
1792 􏰀
"לאַנג לעבּן זאָלט איר, אָ'". „אָ, פֿון אײַער
,
מויל א􏰀ן גאָטס או􏰀ערן". 􏰀איר זאָלט האָבּן
נחת פֿון אײַער זון, טאָכטער. — אָ'!" „אַזאַ
יאָר אויף אונדז בּיידע. — אָ'!„. [דער רבּי

□לעגט אָנזאָגן זײַנע תלמ□ד□ם, טאַטע־מאַמע —
זייערע קינדער, זיי זאָלן למען־השם, ניט
פֿאַרגעסן צו ענט□ערן אָ, נאָך יעדער בּרכה; בּײַם
דאַווענען בּציבּור זאָגן פֿרומע ייִדן אַרויס אָ,
מיט ציטערדיקע ליפּן.] „זאָגן אויף אַלץ אָ'“ =
צושטימען צו אַלץ. זײַן אַן אָ'־ז אָ ג ע ר. “אָ,
איז צען גילדן„, □וול [= איז וויבטיק, איז אַ
טײַערע זאַך.] „ער איז אין כּעס (בּייז) אויפֿן
חזן, ענטפֿערט ער ניט קיין אָ'„ □וול, איר
,
וועגן אַ בּרוגזן אָדער אַ כּעסן. „אַז מען איז
אין בּעס אויפֿן חזן, טאָר מען קיין אָ, ניט
ענטפֿערן?“, שוו פֿאַר אָ, קומט קיין פֿאַטש
□ .
ניט“, שוו [א) ווען עמעצער איז מסכּים, איז
מען דאָך צופֿרידן; בּ) אויבּ מע קריגט אַ פֿאַטש
האָט מען אים אַפּנים פֿאַרדינט]. „געדענקט זשע,
קינדער! אויבּ ניט, וועט איַך גאָט שטראָפֿן,
זאָגט אָ'“, ממוס, ווינטשפֿ. „דער אָ, כון אַ
קינד קען אַמאָל זייער פֿיל אויפֿטאָן אין די
הימלען, מער ווי דאָס גאַנצע דאַווענען פֿון די
גרויסע“, אַש, תּהילים□ ייִד. „און אָ, זאָגן אויף
איטליכי בּרכה, דער רבּי מוז האבּן איין גוטי

הדרכה" ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, לא/ג.
"באַקלעמט איז דאָס האַרץ זײַן, שוין
דאַווענען ביחידות וועט מוזן די קליינע קהילה. מע
וועט צומאָל קדיש ניט קענען היינט זאָגן, ניט
ענטפֿערן היינט אָ אַפֿילו", יהואָש, 'דער
צענ,
טער צום מנין'. "ער וועט זיצן, לערנען תּורה,
שמען וועט זײַן נאָמען. וועסט באַשערן, גוטער
בּורא? וועסט באַשערן! — אָ'!", מל, 'שטילע
ליכט,.
[נוטריקון: אָ, מ, ן, — א'ל מ'לך נ'אָמן, שבּת,
קיט/ב; זוהר, האזינו, דבֿרים, לבֿ, 3; אַ'ני
מ'וסר נ'פֿשי [= כ'בין זיך מוסר נפֿש), ססי I.]
אָ, בּעל־בּורהו — [... באַלקאָרכע] דער.
<שבּת, קיט/ב. אָ, איבּערגעוואַלד,
געצוואונגענע צושטימונג. הסכּמה באין(בּלית)־בּרירה.
"אַז דו האָסט מקבּל שבּת בשׂמחה געווען...
מוז דער מלאך ענטפֿערן אָ, בּ,־כּ', ווי די גמרא
זאָגט", שבֿחי בּעש"ט, זשאָלקעוו תר,,י, מו/ב
[אַגדתּא: ,,צוויי מלאָכים — אַ גוטער און אַ
שלעכטער — באַגלייטן דעם ייִדן
פֿרײַטיקצונאַכטס ווען ער גייט פֿון שול. קומט ער
אַהיים און געפֿינט, ליכט ברענען, דער טיש
געגרייט — בענטשט אים דער גוטער מלאך,

און דער בּייזער מלאך ענטפֿערט אָ, בּ,־כּ'...,,].
"טאַטע־מאַמע האָבּן בּ'־כּורחם [קאָרכאָם]
געזאָגט אָ, אויפֿן שידוך,,. "דער בּייזער מלאך
מוז אויך ענטפֿערן אָ'" פֿוול, געניצט ווי אַן
,
אויסדרוק פֿון צופֿרידנקייט.
אָ, ואָמן — [... ווייאָמיין] <תּהלים, מא,
14. עמפֿאַטיש. ,,געלויבּט איז ה', דער גאָט
פֿון ישׂראל פֿון אייבּיק בּיז אייבּיק, אָ, ו',,;
"לאַנג לעבּן זאָלט איר, — אָ, ו'"; ,,איר זאָלט
איה"ש פֿירן אײַערע אוראייניקלעך אונטער
(צו) דער חופּה, — אָ, ו'"; "כּל־ישׂראל זאָלן
זאָגן אָ', אָ, ו'! עס זאָל ווערן וואָר, משיח
בּןדוד זאָל קומען דאָס יאָר", פֿל.
אָ, הטופֿה — [... כאַטופֿע] דער. >
בּרכות, מו/א. אָפּגעכאַפּטער, אין גרויס
אײַלעניש אַרויסגעזאָגטער אָ, [מע הערט ניט דעם
אָ']. "זאָגן אונזרי חכמים דז מן ניט זאָל זאָגן
אָ, ח', דז איז דז מן וועלט (אָמן) זאָגן אָ, יענר
די (בּרכה) אוישׂ האָט, דז הײשׂט איין פֿר
צוגטר (אָמן)", עפּש, סידור תּ▯ילות, אַמשט
תק,,ח, כא/ב.
אָ', יהא שמיה רבּא — [... יעהיי שמיי

ראַבּאָ] פֿראַזע. <קדיש <שבת, קיט/ב. 'אָ',
זאָל זײַן גרויסער נאָמען, [זײַן געלויבּט אויף
אייבּיק און אַלע אייבּיקייטן — מבֿרך לעלם
ולעלמי עלמיא]. ווען דער שליח־ציבּור האָט
געזאָגט אין קדיש — 'בּעגלא ובזמן קריב ואמרו
אָ". ענטפֿערט קהל: אָ,, י, ש, ר'. ,,זאָל איטליכר
זעהן... דז ער קיין אָ, י, ש, ר, ניט זל פֿאַר
זוימן", אַריה ליבּ זעליגמן ◻ תּיקוני המועדים,
פֿיורדא 1729. ,,די רשעים אין גיהינום ווערן דשׂ
הערן אונ ווערן אָ, י, ש, ר, זאָגן,,, עפּש, דרך
הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק כג.
,,איבּערהויפּט אָ, י, ש, ר, מוז מען זאָגן הויך
מיט דעם גאַנצן כּוח און מיט גרויס כּוונה",
חא, יא/ב.

אָ, יתומה — [... יעסוימע] דער & די.
<בּרכות, מז/א. ,פֿאַריתומטער אָ, '. א)
פֿריצײַטיקער אָ'. ווען מען ענטפֿערט אָ, איידער
דער חזן האָט אויסגעלאָזט די בּרכה; בּ)
פֿאַרשפּעטיקטער אָ'; ג) אַן אָ, נאָך אַ בּרכה וואָס
מע האָט ניט געהערט. ,,ווער דא אָ, זאָגט אויף
איין בּרכה און ווייש ניט וואו אַרויף דשׂ אָ,
גיט, דשׂ הייסט אָ, י', אַלשׂ איין יתום דשׂ זײַן
עלטערן גישטאָרבּן זײַן,,, ר, שלמה לונדן,
קהלת שלמה, אַמשט 1744. "דער וואָס

ענטפֿערט אַן אָ, י, — בלײַבן, רחמנא ליצלן, די קינדער יתומים,,, סשי I, יד.

אָ', בן יהי רצון — [... קיין יעהי ראָצוין] אויך ר,,ת: אַכּי״ר. זאַץ. תּה <סוף ד ריט רבּה, יא; איכה רבּה ה, כד. אָ', אַזוי זאָל זײַן דער ווילן (פֿון גאָט). געניצט: א) ווי אַ צושריפֿט פֿון טייל פֿרומע מחבּרים בײַם פֿאַרענדיקן אַ חיבּור; בּ) נאָכן אויסדריקן אַ פֿאַרלאַנג, וואונטש, באַפֿעל אָדער נאָכן געבן אַ בּרכה. ,,וועט זיך יאָ מאַכן אַ חומש מיט בּיאור אין בּית־המדרש... זאָל ער אים קנסענען... עטלעכע אָקעס יי,,ש אויף אונדזער ח רה, אַכּי,,ר,,, קמ, 1868 41, No. ,,דאָס וועט

אַמנון

מיר נאָכקומען איבּער הונדערט און צוואַנציק יאָר; מיט דעם וועל איך זוכה זײַן צו זען בּזיווהשכינה הקדושה, אַ'כּ'י'ר'״, פּרץ, 'פֿיר דורות יר צוואות'.

אָ, סלה — [... ס'עלאָ] דער. עמפֿאַטיש. <תפֿילה, בּײַם בּענטשן ראָש־חודש; <תפֿילה

לש"ץ פֿאַר מוסף פֿון יום־כּיפּור: „אַל מלך...
צורי וגואלי, אָ, ס',.. טראַדיציאָנעלער טײַטש
'סלה, = אייביק, עירובֿין, נד/א. „אַז דו ווּעסט
לערנען בּיידע הלכות און קבּלה, וועט אונדז
דער מלך כּל־עולמים בּוודאַי גיך אויסלייזן, אָ,
ס'", איבּז, הר□ א ל. בּראַנדיס ספֿר □יח
ס□וניס, יאס 1843 פֿאַרפֿאַלן מעתה ועד עולם
— . ,, -
אָ, ס'", לאַט, מישקע. „אין זײַן שלום וועט
אונדז שלום זײַן, אָ, ס,,,, אַ. גאָלדפֿאַדען,
בּרכוכבֿא, לעמבּערג 1909. "אײַער אַוועקגאַנג מיט
פֿריד אין גאָטס נאָמען סון איצט בּיז אייבּיק,
אָ, ס'", ממוס, זמירות. "די ליבּע וואָך ז□ל
קומען, ליבּער גאָט, אָן צרות, אָן שרעק;
געזונט און לעבּן, מזל און בּרכה, עושר און
הצלחה זאָלסטו אונדז געבּן, אָ, ס,,,, פֿל. [
חדרנוסח בּײַם לערנען מיידלעך שרײַבּן בּריוו]: "צו
מײַן ליבּן פֿאָטער... ערשטנס קום איך דיר צו
מעלדן פֿון מײַן ליבּן געזונט, גיבּ גאָט דאָס
נעמלעכע פֿון דיר צו הערן, אָ, ס',,, יש.
אָ, קטופֿה — [... קטו□ע] דער. <בּרכות,
מז/א. 'אָפֿגעהאַקטער אָ, [= אָ□]. "דער וואָס
ענטפֿערט אַן אָ, ק, ווערט דאָס לעבּן

אָפּגעהאַקט“, סשי I, יד.

אם נא מצאתי הן בעיניך — [אים... מאָצאָסי כיין בּייאיינעכאָ] זאַץ. תּח. <בּראשית, יח, 3 אאַ. 'איך בּעט דיך אויבֿ איך האָבּ געפֿונען ליַיטזעליקייט אין דיַינע אויגן', תּי. אַריַינפֿיר, הקדמה צו אַ בּקשה. „א, נ, מ, ח, בּ', טו מיר אַ טובֿה און גיבּ מיר אַ גמילת־חסד„.

אַמנה — [אַ□אָנע] די, ־נות. <נחמיה, י, 1. 1. אָפּמאַך. 2. צוטרוי. „בּענשין טוא מיט שׂמחה אונ, מיט גרושׂר כּוונה, אויף איין מענשין הבּ קיין בּטחון אודר איין אַ',„ □ה II, פֿיורדא תפּ„ז, טז/ב.

אמ□ו — [אימיינו] אונדזער מוטער. געניצט בּיַים שריַיבּן אויך יִדישע בּריוו ווי אַן אויסדרוק פֿון דרך־ארץ פֿון ליבּשאַפֿט.

,

אַמנון — [אַמנוין] מענער־נאָמען. <שמואל בּ, יג, 1. [האָט מאַנס געווען זיַין שטיף־שוועסטער תּמר, און אַבֿשלום, איר בּרודער, האָט אים געטייט]. ← אַהבֿה התּלויה בּדבֿר, ז, 49;

□. אַהבֿת אַמנון ותמר, ז, 50. אַ'ס־ל אַ ט ק ע ס פֿאַנקוכנס, וואָס תמר האָט געבּאַקן פֿאַר איר

- __

בּרודער אַ'. ליצנות: רבּונו־של־עולם, שטראָף
מיך מיט מײַן טאַטן [= אָבֿי]: אַ, — אַ'ס־לאַט□
קעס, דוד המלכס אייוועלע (אַבֿישג השונמית,
□ .. 21); בּ, — בּועזעס שרעק (אין שײַער,
ווען רות איז געקומען צו אים; רות, ג, 7־8);
י, — יהודהס טעות (מיט זײַן □נור תּמר;
בּראשית, לח, 15 — 18).
אַ, ותמר — [... ווייטאַמאַר] א"י. נאָמען
פֿון אַ דרײַקאָליריק גאָרטן־בּלימל. חנהלעס
אייגעלעך. שטיפֿמוטערל. □iola □rie□lor□.

אַמניאָ'ן
אַמניאָ'ן — דער, ־ען. <איי <גר. זעקעלע
וואו עס געפֿינט זיך דער עמבּריאָן.
אַמניאָטיש — אַדי.
אָ'מניבּוס — דער, ־ן. <איי <ל. 'פֿאַר
אַלעמען'. 1. גרויסער וואָגן מיט אַ געשפּאַן פֿון
דרײַ־פֿיר פֿערד פֿאַרקערמיטל אין די גרויסע
.
שטעט און פֿון שטאָט צו שטאָט איידער עס
זײַנען אויפֿגעקומען די אײַזנבּאַן, דער
טראַמוויי, דער אויטאָבּוס. ,,480 קאַרעטעס זײַנען
נאָכגעפֿאָרן חוץ קעגן 20 אָ'ן וואָס זײַנען פֿול

געוועןֿ אַפֿילו אויף דעם דאַך“, קמ, 1865,
2 .No 13. דזוו אויטאָבּוס. “וויסטע טרוקענע
בּערג, זאָלסטו זיך פֿאַר זיי נישט דערשרעקן,
אין קעגנטייל, פֿאָר זיי דורך נישט מיט דער
באַן, נאָר מיט אָן אָ,,,, דא פֿון בערלין ביז
—
,
סאַן־פֿראַנצימקאָ, וואַרשע 1930.
אָמניוואָ'ר — אַדי & דער, ־ן. <איי <ל.
(בּעל־חי) וואָס עסט אַלץ. אָ'ע בּאַשעפֿענישן.
“איז דער מענטש אַן אָ'? פֿע!“.
אָמני(ע)וואָז — דער, ־ן פֿטמ. מג. דזוו
.
אָמניבּוס פֿאָרט אָן פֿון סטאַנציע אין
בּאַ. ,,
דעקטן אָ, בּערל פֿיאַקערניק מיט גלאָקנקלאַנג
אין שטאָט אַרײַן“, ק. הײַזלער, קומאַרנער
פֿאַרשוינען, נ,,י 1953.
אָמניפּאָט ע'נט — אַדי. <איי <ל.
אַלמעכטיק. אָ'ע הערשאַפֿט. אָ'ער הערשער.
־ע'נ ן — די. אַלמעכטיקייט. די אָ, פֿון
דיקטאַטאָרישער הערשונג.
אָמנם — [אָ'מנאָם] זוו, אַדוו. <איובֿ, ט, 2 אאַ
תּח. בּאמת, אין־דער־אמתן, למען־האמת,
טאַקע. ,,... איז טאַקע ניט גוט. אָ, אַז ער מוז

שטיין אין אַ געוועלבל... איז אים אויך ניט
גוט“, חג, צמח אַטלאַס II. אויך אָ, בּן
[... קיין].
אָ, הטאתי — [... כּאָטאָסי] תּח. <ימים
נוראימדיקע תּפֿילות, <לויט איובֿ, יט, 4: אָ,
שגיתי. ,אמת, איך האָבּ טאַקע געזינדיקט,.
אויסדרוק פֿון חרטה. געניצט בּײַם מודה זײַן
זיך אין אָ בּאַגאַנגענער עוולה, בּײַם
אָנערקענען זיך שולדיק.
אַמנעזיע — די. בּא. <איי <גר. 'אָן
געדעכעניש'. דאָס פֿולשטענדיקע אָדער טיילווײַזע
פֿאַרלירן דעם זכּרון. פּ אַ ט אָ ל אָ ג י ש ע אַ, —
אָנווערונג פֿון זכּרון אין שײַכות מיט אַ
שווערער נערוון־צערודערונג אָדער אַקצידענט.
כראָנישער צושטאַנד פֿון ניט געדענקען לחלוטין
גאָרניט, אַפֿילו ניט דעם אייגענעם נאָמען. ,,אַ, —
טיילווײַזע אָדער טאָטאַלע שכחה. דאָס
פֿאַרגעסן וואָס בּאַפֿאַלט אַ מענטשן;
אָפּגעשוואַכטער זכּרון, ספּעציעל אויף די עלטערע יאָרן“,
דר, י. בּ. גלען, צו געזונט און צו לעבּן. ,,אַיך
בּאַדויער דעם גײַסטיקן און מאָראַלישן שיקזאַל
פֿון יעדן לאַנד, וואָס זאָל אַרײַנשטעלן אין די
פֿליכטן פֿון זײַנע בּירגער אַזאַ 'מצווה, ווי אַ,,
דאָס פֿאַרגעסן זיך אַליין,,, גרינ, איד און וועלט.

אַמנעסטיע — די, ־ס. אויך: אַמניסטיע,
נר. <איי <גר. 'פֿאַרגעסונג'. דאָס מוחל
זײַן מצד דער מאַכט די שטראָף פֿאַר אַ

פֿאַר1411

גאנגענעם פֿאַרבֿרעך. באַגנעדיקונג פֿאַרגעבֿונג.
-
.
דערקלערן, אַרויסגעבֿן, אַרויסלאָזן,
פּראָקלאַמירן אַן אַ'. אַ טיילוויַזע (אַלגעמיינע) אַ, פֿאַר
פּאָליטישע פֿאַרבֿרעכנס. "וויבֿאַלד מע האָט
אונדז געגעבֿן קאָנסטיטוציע, קאָנען מיר האָפֿן
אויף אַן אַ',,, שע, אין שטורם. ,,ער האָט זיך
אויסגעזוכט דאָרט אין וואַלד אַ הייל... פֿלעגט
צו פֿאַרבֿרענגען דאָרט די צײַט צווישן פֿורכט
און האָפֿענונג, און נאָך וואַר פֿון קיינע אַ,
(פֿאַרצײַאונג) צו הערן,,, אמד, דיא ליבֿע אין
וואַלד, ווילנע 1871.
אַמנעסטירן — טרוו ־טיר, אַמנעסטירט.

▯

פּראָקלאַמירן אַן אַמנעסטיע. מוחל זײַן
שטראָפֿן פֿאַר פֿאַרבֿרעכנס. אַ, די פּאָליטישע
אַרעסטירטע. טיילווײַז אַ,, פֿאַרקלענערן די שטראָף
אויף אַ דריטל. מיט ז י ך — ,,... אויף

מאָרגן האָט זיך די גאַנצע באַנדע אַרום
דאָרפֿסראַט פֿאַרזאַמלט און געוואַרט אויף... זיי זאָלן
זיי פֿירן אין שטאָט זיך אַ,״, בּ. ערקעס, אין
שפּינוועבס, באַרדיטשעוו 1932.
אַמסטערדאַם — גנ. [אין ספֿרים אויף
לשונקודש און ייִדיש פֿון 17. און 18. י״ה:
אַמשטרדם, אַמשטירלדם, אַמשטלרדם. ר״ת: אַ״ד,
אַמ״ד, אַמש״ד.] גרעסטע און וויכטיקסטע
האַפֿנשטאָט אין האָלאַנד בײַ דער לעפֿצונג פֿון טײַך
אַמסטעל אויף די ברעגעס פֿון 'זוידער־ים,
[864,940 — 1967 אײַנוו', 12,000 ייִדן; בײַם
אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה —
65,858 ייִדן]. ייִדישער ישובֿ זינט 14. י,,ה.
אין לעצטן יאָרצענדלינג פֿון 16. י,,ה אַ
מאַסנאײַנוואַנדערונג קיין אַ, פֿון אַנוסים, דערעיקר
פֿון פּאָרטוגאַל. און עס קומט אויף די
באַרימטע 'פּאָרטוגעזישע קהילה'. נאָך גזרות ת,,ח
ות,,ט קומען אָרײַן קיין אַ, פּליטים פֿון
אוקרײַנע און פּוילן. אינאיינעם מיט די
אַלטגעזעסענע אַשכּנזים שאַפֿן זיי די אַשכּנזישע
קהילה (יאָגט אַריבער אין צאָל די
פּאָרטוגעזישע). במשך דעם 17. און 18. י,,ה איז אַ,
געווען דער גרעסטער צענטער פֿון ייִד,
ביכערדרוק. אין די איבער צוויי צענדלינג ייִד,

דרוקערײַען האָבן זיך געדרוקט אין יענער צײַט די
וויכטיקסטע ספֿרים אין לשון־קודש און ייִדיש.
דער שם פֿון דער ייִד, דרוקער־בראַנזשע אין
אַ, איז פֿאַרבליבן אין פֿאָלקסזאָג: ,,
אַמסטערדאַמער גליונות און בערשאַדער טליתים“. אין
אַ, איז אויך אַרויס (1687 — 1686) די ערשטע
פּעריאָדישע אויסגאַבע אין ייִדיש די ,קוראַנטן,
(פֿרײַטאָגישי און דינשטאָגישי קורנטן). אַנהייב
19. י“ה אַ ייִדישער טעאַטער אין אַ'.
זינט אָנהייב 20. י“ה ביז די נאַצישע
חורבניאָרן איז געווען פֿאַר ייִדן אין אַ אַ צײַט פֿון
,
ראַשיקן אויפֿשטײַג, אַדאַנק האַרמאָנישן
צוזאַמענלעבן מיט ניט־ייִדן. בעת דער נאַצישער
אָקופּאַציע האָט זיך די באַפֿעלקערונג
סאָלידאַריזירט מיט די ייִדישע מיטבירגערס. די נאַצישע
קאָנפֿיסקאַציעס פֿון ייִדישע פֿאַרמעגנס ווערן
געשאַצט אין אַ האַלבן ביליאָן דאָלאַר. אין
פֿעברואַר 1941 האָט די גאַנצע שטאָט זיך
באַטייליקט אין אַ גענעראַל־שטרײַק אין
פּראָטעסט קעגן די ערשטע דעפּאָרטאַציעס פֿון ייִדן.

אַמעטי'סט

־ער — אַדי & דער. אַ'ער סוחר. אַ'ער דרוקערײַען. „אין מײַדאַנעק, אין אַ קאַמער וואו מע האָט פֿאַרגאַזט מײַן שטאַם, אַ תּנך אַן אַ'ער ליגט ניט אָנגערירט פֿון סם„, סוצ.

אַמסל — די, ־ען. פּפּ: אַמסטל. שוואַרצער דראָסל. זינגפֿייגעלע פֿון דער דראָסל־משפּחה, מיט טונקל־ברוינע פֿעדערן ווײַס־געפּלעקט. לעבט אין וועלדער און סעדער אומעטום אויף דעם ערדקײַלעך, טיילט זיך אויס פֿון אַנדערע דראָסל־פֿייגל דערמיט וואָס זי וואַנדערט ניט

אויס אין האַרבסט אויף דרדם. [][r(]us me ,[] r11a]. [על־פּי טעות איז טוו פֿאַר 'תּחמס, (ויקרא, יא, 16) געוואָרן אַ„. תּי. תּחמס — ״נאַכטשפּאַרבער״.]

אַמע — (בײַם ריידן צו אַן עופּעלע, צו אַ קליין קינד) ב: עס, מע דאַרף עסן, דאָ איז דאָס עסן אע. „אַ', אַ', יאַנקעלע (ליבעלע)״.

אָמ(ע)—דער (די), ־ס. M d: ome . אונגערו, גאַליציע פּעסל פֿון אַן ערך 150 ליטער, אַן

ערך 8 רוסישע עמערס, אַן אָ, ביר, ווײַן.

אַמעב ע — די, ־ס. <איי <גר. '

בײַטעוודיק'. פּשוטסטער מיקראָסקאָפּישער בעל־חי

פֿון איין קעמערל, אַ קײַקעלע פּראָטאָפּלאַזמע.
אָן אַ פֿעסטער פֿאָרעם, באַוועגט זיך דורך
אַרויסרוקן און אַרײַנצִיִען 'הערנער, אָדער
וואָרצל־ אָרעמדיקע 'פֿאַלשע פֿיס'. ד אַ, לעבט
ּ
אין פֿײַכטע ערטער, אין זיסן וואַסער אאַ ‘‘די
אַ, באַשטייט פֿון אַ קליינינקן טראָפּן
ווײַסלשטאָף... קיין שום אָרגאַנען... מיט אַ
פּיצעלע קערנדל אין מיטן... אין אַ ביסל וואַסער
לעבן מיליאָנען אַ'ס,,, דר, מ. ווײַנשעלבוים,
פֿגעז, ווילנע 9 1925, No. ,,,... אידעאַל איז
געווען... אַ', דאָס נידעריקסטע איינצלנע
לעבנסקעמערל, וואָס עסט און וואַרפֿט
גלײַכצײַטיק און באַשטענדיק‘‘, פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. ־יש — אַדי. ־אָאיד — אַדי &
דער. וואָס איז ענלעך אָדער קרוביש מיט
דער אַמעבע.
אָמעגאַ — די, ־ס. <איי <גר .1 24סטער
און לעצטער אות אין גריכישן אַלפֿאַבעט. .
פֿאַרן לאַנגן קלאַנג [אָ] פֿון אַלפֿאַ ביז אָ,
—
,
[= פֿון אַלף ביז תּיו]. .2 פֿאַבריק־מאַרקע
פֿאַר אַ באַוואוסטער שווייצאַרישער
זייגערפֿאַבריקאַציע. געבן אַ מתּנה אַן אָ,.

אַמעטי'סט — דער, ־ן. <איי <גר. 1. '
ניטשיכּור'. [דער שטיין אַ סגולה צו פֿאַרהיטן פֿון שיכּרות]. טײַערער קוואַרצשטיין פֿון אַ וויאָלעטן אָדער פֿלאַם־בּלוילעכן קאָליר, אָנגענומען ווי איינער פֿון די בּאַליבּטסטע בּאַצירשטיינער.
דער אַ, איז געווען אין חושן פֿון כּהן גדול:
,ואחלמה, (שמות □ כח, 19). ,,די סגולה פֿון דעם שטיין [אַמטיסט״ה] איז ער שטערקט דשׂ הערץ בּפֿרט ווען מאַן אין דער מלחמה גיט״,
אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית־י□ראל ובית הבּחירה, אַמשט 1724.
־יש — אַדי. אַ'ן — אַדי. ,,געווען בּאַדעקט מיט אַ מוטנעם אַ־ענעם שטויבּ״, אַ קושניראָוו איבּז, וואַלענטין קאַטאַיעוו, אַ זעגל איינזאַם שעמערירט, מאָסקווע l938.

אַמעטראָפּיע

2. בּלוי בּלימל וואָס וואַקסט צווישן גראָזן.
.Ame□ys□e□a
אַמעטראָפּ□יע — די. <איי <גר.
אומנאָרמאַל זען, ווען אין אויג בּרעכן זיך פֿאַלש די שטראַלן, אַזוי ווי בּ□ אַסטיגמאַטיזם ־יש

י
.

— ◻די

(אַ)מעליאָר ירן — טרוו. ־ריר, (אַ)
מעליאָרירט. <איי <פֿר. לינדערן, פֿאַרבּעסערן.
אַ, דעם שווערן מצבֿ. אַ, דעם בּאָדן מיט
בּאַוואַסערונג און בּאַמיסטיקונג. —אַטאָר, ־אַנט
— 1. ווער עס פֿאַרנעמט זיך מיט אַ'. 2. מיטל
צום אַ, ־אַטי'וו — אדי ־אַציע —

.

די. ־יךדנג.
אַמעמי, — מי'מע — געניצט בּײַם אָפּלאַכן
פֿון ריידערס פֿון פֿד: אַז מע מוז, מוז מען.
אַמענדירן — טרוו. ־דיר, אַמענדירט. o◻ :◻־>
◻ame. פֿ◻: אַמענדן, אמ, נר. 1.
אַרײַנבּרענגען אַן אויסבּעסערונג, הוספֿה, צוגאָבֿ,
אַן אַנדער פֿאָרמולירונג אין אַ געזעץ(◻
פּראָיעקט), רעזאָלוציע, פּלאַן. אַ, די רעזאָלוציע,
דעקלאַראַציע, דעם געזעץ. 2. בּכלל
אויסבּעסערן פֿאַרריכטן. אַ, ד אַרבּעטס־
בּאַדינגונ, י
גען. 3. רומ. אַרויפֿלייגן אַ געלטשטראָף. „אַ,
פֿאַר האַלטן אָפּן זונטיק די קלייט“. ←

אַמענדמענט — דער, ־ס. אַמ. ־amen(l: <
ment. צוגאָבֿ, אויסבֿעסערונג פֿון אַ פּלאַן, געזעץ, רעזאָלוציע. אַרײַנטראָגן אַן אַ'. אָננעמען (אָפּוואַרפֿן) דעם אַ, פֿ י נ פֿ ט ע ר אַ, — פֿינפֿ.
טע הוספֿה צו דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע וואָס גיט דאָס רעכט ניט צו ענטפֿערן אויף אַ פֿראַגע אין אַ מלוכהשער אינסטאַנץ, אויבֿ דאָס קען זײַן אַן עדות־זאָגן קעגן זיך, און ניט געמשפּט צו ווערן אַ צווייט מאָל פֿאַרן איבערשפּרײַזן דאָס געזעץ.

אַמענדע — ד, ־ס. רומ. שטראָף. קנס פֿאַר
,, .
פֿאָרן מיט דער בֿאַן אָן אַ בילעט, דאַרף מען בֿאַצאָלן אַ',.. ,,ווער עס מישט אַרײַן אין זײַן ייִדיש אַ רומעניש וואָרט, דאַרף צאָלן אַ'".

אַמענינצען — טרוו. ־צע, אַמענינצעט.: ־ ..
ameni][1. סטראַשען. (ניט) מורא האָבן פֿאַר עמעצנס אַ'. —אַרע — די, ־ס. סטראַשוניק.

אַמער — די, ־ן. סטוטש, 247. amme: >.
פֿייגעלע וואָס בויט אַ נעסט אין גראָז, צווישן הירזש אָדער האָבער. a][mbe ri a milia][.]

.Mhd: ie. 1־m r .אַמע'ר — אַדוו, קאָנ
בּעסער, ליבּער, גיכער, כּדאַיער, עלעהיי. ,,אַ, זאָל
ער קומען פֿריִער‘‘. ,,וואָס דאַרפֿסטו

אַרומ

פֿאָרן. אַ, קענסטו רואיק זיצן אין דער היים‘‘.

‘‘אַ, נעם עס צו דיר אין הויף אַריַין‘‘ פֿמ

,

,,אַ, לאָמיר אַ דריי טאָן דעם ענין צוריק‘‘. ,,אַ,
קוקט איַיך נאָר אום אויף מיַין תּוכחה,,, מם,
משלי תּקע‘‘ד, א, 23. ‘‘בּאַדאַרף מען שטיין
טאָג און נאַכט און גראָבּן. אַ, ווי מע גראָבּט

אָפּ איין מאָל...‘‘, נחבּ, 'מעשׂה מחכם'. ,,אַ,
ווייסט איר וואָס? נאַ דיר ענגלענדער... אַ
מילאַרד,,, שע, 'וועו איך בּין ראָטשילד'.
'

2. צי דען זשע (ניט)? ‘‘ער וועט זען דאָס

בּלוט פֿון דעם קרבּן־פּסח..., וועט ער
איבּערהופּן... אַ, בּאַדאַרף דען השי‘‘ת אַ סימן

חלילה?‟, נצ2, סג/ב. „אַ, טוען מיר כל עבֵירות שבּעולם... און הייסן נאָך חסידים?‟, ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר תרל״ו. „צוּוואָס האָט גאָט אַרונטערגעשיקט די נשמה אויף דער וועלט. אַ,

זי איז דאָך פֿריִער געוועזן אין הימל, אויף אַ גאַנץ גוט אָרט‟, ר, משה אַהרן גליקמאַן, בּרכי נ שי, וואַרשע 1898. ‟דערפֿילט ער: אַ, עס זײַנען דאָך יאָ דאָ גוטע מענטשן אויף דער וועלט‟, ווײַס II, ,דער איבּערגאַנג'. אַ, ז ש ע.
אַמעראַצעס — ← עם־הארצות.
אַמערגסטן — אַדוו. ← אַמ־. ערגער פֿון אַלץ. צומערגסטן. „אַ, האָט ער פֿײַנט, ווען מע רופֿט אים מיט אַזאַ נאָמען אין געגנוואַרט פֿון דער קאַסירערין‟, ייִז, אַלט־שטאָט'.

,
אַמערטוך — דער. בּא. סאָרט שניט־סחורה, אַ ספּעציאַליטעט פֿון דער שטאָט אַמערספֿאָרט (האָלאַנד, פּראָווינץ אוטרעכט) וואָס האָט געהאַט אַן אַנטוויקלטע טעקסטיל־אינדוסטריע. „.... זאָלט איר זען... מיר שיקן שיינע פֿערקאַלן, גוטע פּרינטע, מוסלינען, אַ„ ועבּ, קיטײַען אַלער האַנט‟, מטדר אגרת, וואַרשע 1858, בּריוו 24.
אַמעריקאַנאַ — די. בּמ. זאַמלונג פֿון

בּיכער, דאָקומענטן, חפֿצים וואָס האָבּן אַ שײַכות
צו (דער געשיכטע פֿון) אַמעריקע.
אַמעריקאַניז ירן — טרוו. ־זיר,
אַמעריקאַניזירט. (איבּער)מאַכן לויטן אַמעריקאַנער
שניט. מאַכן מע זאָל זײַן (ווערן) ווי אין
אַמעריקע, על־פּי נוסח אַמעריקע. אַ, די אימיגראַנטן.
"אין דער גאַנצער וועלט אַמעריקאַניזירט מען
די האָטעלן". מיט ז י ך — זיך אַ, אין גאָר
אַ קורצער צײַט ־אַציע ־אַטאָר. אַמע—
. .
ריקאַניזירט — אַדי, פּאָר. אַ'ע יאַהודים.
"... אַן אַ'ער, רעדט מערסטן ענגליש, ווייס
אַז... ייִדיש איז עפּעס אַ פֿרעמדע מכּה", אָפּאַ,
היבּרו. —קייט.
אַמעריקאַניזם — דער, ־ען. 1. וואָרט פֿון
אַמעריקאַנער ענגליש וואָס ייִדישע אימיגראַנטן
האָבּן גענומען ניצן אין זייער טאָגטעגלעכן
ייִדיש. דוגמאָות: פּיידע, סוועטשאַפּ, טשיקן,
ווינדע אאַזוו. אין אונדזער ווב בּאַצייכנט אַם.
"בּײַ אונדזער הײַנטיקן גראַד
אומשפּירעוודיקייט אין הילכות אַ'ען זײַנען אונדזערע
וואָרנצייכנס, דוכט זיך, אַ היפּשער אויפֿטו", מוו,
ייִבּל וXXX.
2. אייגנאַרטיקער שטריך פֿון אַמעריקאַנער

לעבֿן, פֿירונג, אופֿן טראַכטן.

אַמעריקאַני'סט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס.
פֿאָרשער, קענער פֿון אַמעריקע, איר געשיכטע,
פֿירונגען אאַזוו ־יש — אַדי.

.

אַמעריקאַניש — אַדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַמעריקע. „אַ, איז דער ווילדער
טעמפּאָ פֿון די אייראָפּעאישע וועלט־שטעט“,
דא פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע

,
1930. „הײַנטיקן זונטיק... זײַנען הי [אין
באַרדיטשעוו] געווען 49 חופּות, 8 געוויינלעכע,
40 אַ'ע און איינע אַ פֿאַרליבעניש“, ייִפּאָל,

אַמעריקאַנקע

25 1882, No. אַ'ע ב ע ב ל ע ך — מיט
פֿאַרביקע פֿלעקן. אַ'ע נ י ס פֿיסטאַשקעס.
רבי
ניסלעך, משה־רבינו־ניסלעך. ־קייט — „די אַ,
וואָס פֿאַרמעסט זיך מיט אירע ריזן
אינדוסטרי ן...,,, ב. ריווקין, גרונט־טענדע צן..., ז,
138.

אַמעריקאַנער — אַדי. אומדעקלינירלעך.
וואָס איז פֿון אַמעריקע, וואָס איז שייך צו
אַמעריקע. אַ, קאָנטינענט. אַ, פּראָדוקטן. אַ,
וואָלקן־קראַצערס. אַ, עשירות. אַ, דעמאָקראַטיע.
דער רײַכער אָ, פֿעטער. אַ, ייִדישע ביכער. דער
אַ, ייִד. אַ, גויים, אַ, משומדים = וועגן אַ, ייִדן.
אַ, מאָרדעס = געגאָלטע. אַ, שבֿטים. אַ,
סאָסנע. אַ, טאַפּיר. אַ, קראָקאָדיל. אַ, אָ ד ל ע ר
— אָן פֿעדערן אויפֿן שפּיץ קאָפּ, אין אַ, הערב.
אַ, א י ד ייִ ע — „ד אַ, א,... באַטײַט די
י
פֿרײַהייט צו פֿאַרשיידנקייטן, זייער
קולטיווירונג און דאָס באַשיצן איינער דעם אַנדערן“,
האָראַס מ. קאַלען, 'עמאַנציפּאַציע און קיום
האומה', ייִבל 29 ,II □ XI. אַ אַ ק ס ל ע ן —
,
(שנײַדערײַ) אונטערגעלייגט מיט וואַטע מער ווי
געוויינלעך. אַ, ב אַ נ ד י ב ע ר ק ע ס (מג) —
שמאָלע געדריידלטע, זיסלעכע קאַרטאָפֿל. אַ,
ה ו ב ל — מיט אַ מעסער וואָס לאָזט זיך
איבערשטעלן. אַ, פ ל אַ ן — (אין האָטעלן)
סיסטעם פֿון צאָלן אַ פֿאָרויסבאַשטימטן פּרײַז
סאַרן צימער און פֿאַרן עסן. אַ, ק ל י אָ ן —
-

צוקער־קליאָן. אַ, ר ע וו אָ ל ו צ י ע — מלחמה צווישן גרויס־בּריטאַניע און אירע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס (1775 — 83). אַ, ש ט ר ו י ס ־ פֿ ו י ג ל — גרויסער פֿויגל (קלענער פֿ ן אַ שטרויספֿויגל) מיט קליינע פֿליגלען, מיט אַ לאַנגן האַלדז, מיט לאַנגע, שטאַרקע, דיקע פֿיס מיט דרײַ פֿינגער. קאָן ניט פֿליִען, לויפֿט

זייער גיך. די פֿעדערן אויפֿן קערפּער זײַנען לאַנגע און ווי כע, ווערן געניצט ווי אָפּשטויבּערס. לעבּט אין דרום־אַמעריקע. ־hea ame][ricana. אַ, ש נ י ט — מיט אַ גרויסן פֿאַרמעסט, אין גרויסע צאָלן. אַ, ש פּ ר אַ ך — ענגליש, גערעדט און געשריבּן ווי אין אַמעריקע. אַ, ש פּ ר אַ כ ן פֿון די אינד אַנער. — י

אַמעריקאַנער — דער. מצ ווי אצ. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. בּירגער אָדער אײַנוואוינער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון אַמעריקע. „אַלע
־

הונדערט אַכציק מיליאָן אַ, זײַנען אָדער אַליין
אײַנוואַנדערער, אָדער קינדער און העכסטנס
אייניקלעו פֿון אימיגראַנטן“, ש. ביקל, טמז,
7 XI 1964. „דער ייִד, סטודענט אין אַמעריקע
איז צו פֿיל אַ אַז ער זאָל זיך שעמען מיט זײַן
,
ייִדישקייט און צו ווייניק ייִד אַז ער זאָל זיך
דערמיט אינטערעסירן“, בֿ. שעפֿנער פֿאָר,
24 I 1957.
2. „אַ, — די ייִדן, אינטערנירטע אין פֿאַוו אַק,
וואָס האָבן געהאַט פֿאַפּירן אַז זיי זײַנען
אויסלענדישע בירגערס און געוואַרט מע זאָל זיי
אָפּשיקן אין די ספּעציעלע אינטערניר־לאַגערן“,
בלום.
אַמעריקאַנקע — די, ־ס. 1.
אַמעריקאַנערין. אויך אַן אויסטערליש אויסגעפּוצטע
פֿרוי. 2. קליינע דרוקמאַשין, אימפּאָרטירט
פֿון אַמעריקע. „אַן אַ'. אַך וואָלט זי ד איצט

צו ניץ געקומען אויף צו דרוקן
פּראָקלאַמאַציעס", ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע I, אַדעס 1931. 3. אוקר. מין קאַרטאָפֿל
וואָס איז זיסער ווי געוויינלעכע קאַרטאָפֿל.
4. (ווילנע) שוך מיט אַ בּרייטער נאָז, גראָבּער
פּאָדעשווע און דער קאַנט מיט בּרייטע שטעך.
טראָגן אַ'ס.
אַמעריקיום — דער. (כעמיע) מעטאַלישער
ראַדיאָאַקטיווער עלעמענט, פּראָדוקט פֿון
בּאָמבּאַרדירן אוראַניום און פּלוטאָניום מיט
הוידענערגישן העליום. אַטאָמישער נומער 95. זײַן
סימבּאָל Am.
אַמעריקע — גנ. <איי <אַמעריגאָ וועספּוטשי
(1451 — 1512). 1. מערבֿדיקע העמיספֿער
פֿונעם ערדקײַלעך. צווייטער קאָנטינענט לויט
זײַן גרייס, ווערט בּאַצייכנט אויך ווי 'די נײַע
וועלט, אין אונטערשייד פֿון דער אַלטער
וועלט — אייראָפּע, אַזיע, אַפֿריקע. דער
אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז אײַנגעטיילט אויף
צפֿון אַ, (פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע)

און אויף צענטראַל־אַ, און דרום־אַ, אָדער
לאַטײַן אַ'.   2. געוויינלעכע באַצייכענונג פֿאַר
-

די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון אַ'.
-

-

*ער האָט אַנטדעקט אַ, = איר, וועגן אַ
מיינונג, אַן אַרויסזאָג, אַ נײַס. *איך פֿאָר נאָך קיין
אַמעריקע ניט אַוועק = איך אַנטלויף ניט,
מעגסט מיר געטרויען פּפּ. פֿאַרפֿאַלן (געוואָרן)

.
ווי אין אַ'. קלײַבן זיך ווי וויכנע־ (יאַכנע)־
דוואָשע קיין אַ'. „קיין אַ, וועלן מיר
אַוועקפֿאָרן און דאָרטן אַ חופּה שטעלן“ פּל. „אַ, איז

,
אַ טײַער לאַנד, ווײַל (קיין) אַרבעט איז (ניט)
קיין שאַנד„, שוו. „אין אַ, איז אַלץ מיטן קאָפּ
אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף„, שוו. „אין אַ,
לעבט מען מע זאָל עסן, אין רוסלאַנד עסט
מען מע זאָל לעבן“, שוו. „אין אַ, פֿעלן דרײַ

חדשים: (אייר, אָבֿ, טבֿת)“, [= קיינער אירצט
ניט, דעם פֿאָטער רופֿט מען 'דער אַלטער,; מע
טוט ניט קיין טובֿות, ,,טייוועס“ לויטן לד].
אַמעריטשקע — צפֿ, איר, עמאָציאָנעל.
“איַ אַ, גנבֿ! — אין אַ, איז אַלץ קלוג, מע
י

קען דאָ אַ סך דערגרייכן“. ,,... זע נאָר, זע,
אין אַ, ווערט דאָס אַ מלמד?! אַזאַ יוון! אָזאַ
גאָלע מאָרדע!,,, אַפּאַ, היבּרו.
אַמעריקע — די. בא. בעס, רומ. וואָלוועלער,
געלער מין ליַוונט.
אַמפּאַרע — די, ־ס. שפּאַ. .<□ □ □:am]□a]□
שוץ, פּראָטעקציע, פּאָליציי־באַשטעטיקונג אויף
וואוינרעכט, האַנדלרעכט אדגל. ,,ער גייט טאַקע
זען וועגן דער אַ, אויף וועלכער ער האָט
דערלאַנגט אַ ביטע באַלד אינדערפֿרי,,, מ.
רובינשטיין, אַ לעבן אין מעקסיקע, מעקסיקע 1952.
אם פּגע בך מנוול זה — [אים פּאָגאַ בייכאָ,
(באָך) מענוּוול זע] זאַץ. תּח. <סוכה, נכ/ב;
קידושין, ל/ב. 'אויב דער דאָזיקער מנוול
(= יצר־הרע) האָט דיך באַגעגנט, [צווייטער
טייל: “משכהו לבית־המדרש,, — שלעפּ אים
אַריַן אין בית־מדרש]. געניצט מיטן ב: מיטן

כוח פֿון לערנען תּורה ווערסטו גובֿר זײַן דעם יצר־הרע. „ניט וויכטיק ווער עס איז דער מנוול,

1413

ער איז דאָ אומעטום, מ, ל׳־ה, — וועט ער באַלד אַנטלויפֿן. אין בית־המדרש אַרײַן וועט ער דיך ניט באַגלייטן“, ש. ז. שרגאי, טמז, 8 XII 1965. „א, פ, ב, מ, ז׳... שלעפּ אים אין בית־המדרש אַרײַן, דאָ... וועט גרינגער אים גובֿר צו זײַן“, אַ. מענעס פּאָר, 6 1969 I.

,

אַמפּוט ירן — טרוו. ־טיר, אַמפּוטירט. <איי <ל. מיט אַן אָפּעראַציע אָפּשנײַדן אַ (טייל פֿון אַ) דרויסנדיק גליד. אַ אַ גאַנגרענישן פֿוס.

,

אַ אַ האַנט וואָס די מאַשין האָט צעקאַלעטשעט.

,

אַ אַן אויער. “זײַנע ברוין־הויטיקע הענט האָבן

,

אַמפֿוטירט פֿיס, אַ סך זעלנערישע פֿיס“, ייִז, קאַרנאָווסקי פֿיג „אַזעלבע ריכטער זײַנען סאָ.

ציאַלע כירורגן וואָס אַ, די שעדלעכע אבֿרים
פֿון סאָציאַלן אָרגאַניזם“, גרינ, איד און וועלט
אַמפּוטירט — אַ'ער אבֿר. יסורים פֿון אַ'ע
גלידער. ״אַז ער האָט שוין געקענט
אַרויסגיין... מיט אַ קוליע, איז ער באַלד געגאַנגען
צום אָרט וואו מע האָט באַגראָבן זײַן אַ'ן פֿוס,,,
בלעטער, 39 No. ־אַציע — ראַטעווען דעם
חולה פֿון אַ'. ־אַטאָר. ־ירונג.
אַמפּו'ל — דער, ־ן. אויך: אַמפּאָ'ל. <איי
<ל. 1. ערדענע אָדער גלעזערנע כּלי וואָס
די אַנטיקע רוימער האָבן געניצט פֿאַר ווײַן,
אייל, פּאַרפֿום. אויך: אייללאָמפּ אין פֿאָרעם
פֿון אַ שאָל וואָס הענגט אַראָפּ. 2. (אין
מאָדערנערע צײַטן) הענגלאָמפּ מיט פֿאַרמאַכטן
צודעק.
אַמפּולע—די, ־ס. (אַנאַטאָמיע) האַלבֿ־
קײַלעכדיקער קאַנאַל אין אויער.
אַמפּול(ק)ע — די, ־ס. (מעדיצין) פֿלעשעלע
פֿון גלאָז אָדער פֿלאַסטיק מיט אַ שמאָל העלדזל
אָדער אַ גלעזערנעם רערל פֿאַר אַ פֿליסיקער
מעדיצין וואָס מע דאַרף אײַנשפּריצן אונטער
דער הויט פֿאַר אַ היפּאָדערמישער
אײַנשפּרי,
צונג. ״... דאָס בעסטע זײַנען דערצו [פֿאַר

איינשפּריצונגען] צוגעפּאַסט ספּעציעלע אַ'ס פֿון
פֿאַרשיידענער גרייס, וועלכע ווערן אויפֿן פֿייער
צוגעשמאָלצן אַזוי אַז קיין צוטריט פֿון לופֿט
קען אַהין ניט זײַן", פֿגעז, ווילנע 16 1930, No.
,,אין איין האַנט האָט דער פֿעלדשער געהאַלטן
אַן אַ'קע, אין דער צווייטער — אַ צווענגל", ש
ברעגמאַן, אויפֿן מזרח איז אומרואיק, מאָסקווע
1934. ,,... דא טעט ער אים גלײַך אַז ער האָט
גירעט אונ, גאב אים [פֿון דעם באַלזאַם] איין
וויניג אין איין אַמפּולעט", ספֿר משלים, פֿפֿדמ
.1▯8(▯
אַמפּט — ← אַמט. אַרכ פֿירן אַ'. ,,... בקנס
▯
איבוד את אַמפּ"ט", תקק. "ביא אַנדרי רבנים
דיא דאָ אמפּטן פֿון דיינות האָבן", 'תקנות חכמי
ומנהיגי פּראָג', שע"ב [רשומות, ד, ת,,א, ז,
47▯]. "קיניגן אונ, פֿירשטן אונ, זונשׂט אַנדרי
ניט ווענדיגי אַמפּטן", אליהו בר, ליזר קוטנים
איבז, תלמיד צחקן מוסרי, אַמשט 1692. "ווערט
דיך ווידר אויף דײַן פּוס שטעלן אויף דײַן אַ',,,
ר, יעק▯ בר, מתתיהו איבז, תם וישר ▯ יורדא
,
.17▯8

אַמפּטלײַט — באר התּורה, דבֿרים, טז, 18.

אַמפּליטודע

אַ'מפּייער — דער, ־ס. אַמ. □re□] □ו:□־□..
-

1. רעפֿערי., ריכטער בײַ אַ שפּיל, פֿאַרמעסט
אע. 2. אַרביטער בײַ אַ דיספּוט, סכסוך. דער
י
אַ, אין דער קליידער־אינדוסטריע. איבערגעבן
דעם אַ', ער זאָל פּסקענען.

אַמפּי'ר — דער. בא <איי <פֿר. סטיל אין
אַרכיטעקטור, אין מעבל, אין קליידער, אין
פֿריזורן, אין דעקאָראַטיווער קונסט בכלל,
אויפֿגעקומען אין פֿראַנקרײַך אָנהייב 19. י״ה.
צייכנט זיך אויס מיט דעליקאַטער
אָרנאַמענטיק, מיט אָנצוהערענישן אויף קלאַסישע און
אויך אָריענטאַלע מאָטיוון. פֿראַנצויזישער אַ'.
“נײַערע געבײַדעס... און אַלטע
רעגירונגאון אַדמיניסטראַציע־געבײַדעס פֿון אַלטן רוסישן
אַ'”, נט□ הויפּטשטעט, מאָסקווע 1934.

אַמפּל — דער, ־ען. <אַמפּול. נאַכטלאָמפּ
מיט אַ קײַלעכדיקן קאָליריקן אַבאַזשור. אַן אַ,
אויפֿן נאַכטטישל. אַ הענגעדיקער אַ'. „־—־ זי:

אַן אַ'? — ער. פֿון טריִעסט“, פּרץ, בײַנאַכט

.

אויפֿן אַלטן מאַרק.

אַמפּלוIאַ, — דער (די), ־ס. <איי <פֿר

1. באַשעפֿטיקונג. ספּעציעלע פּאָזיציע פֿאַר...,,

,, .

קאָן זיך פֿאַסן אַ גרעסערע אַ', אַ מער

פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אין דער באַוועגונג,,, ליפּמאַן

לעווין, דעמ שטורעמ אָנטקעגנ, מאָסקווע 1939.

2. (טעאַטער) זשאַנער פֿון אַ ראָלע. אַ, פֿון

א רעזאָניאָר פֿון אַ סובּרעטקע. ,,זײַן אַ, איז

—

,

כאַראַקטער־ראָלן“ ־אירן.

.

אַמפּליאירן — טרוו ־איר, אַמפּליאירט. שפּאַ

liar [am: .<. אויסכּרייטערן

פֿאַרגרע,

סערן, פֿאַרבּרייטערן. אַ, דאָס געשעפֿט אויף

הונדערט פּראָצענט.

אַמפּל(י)אַציע — די, ־ס. <פֿר. '

אויסבּרייטערונג'. אַקציע פֿון בּרייטערער בּאַקאַנטמאַכונג. ,,... להיות דשׂ פּרנסים... דקהל אַשכּנזים... אונטער פֿונדן האבֿין דשׂ התקנות דקהלתינו... על ידי כּמה יחידים וחשובֿי קהלתינו ניט כּהגון אובֿסערפֿירט ווערדן“, 'אַמפּליאַצי על תּקנות דקהלתנו', אמשט 1759.

אַמפּליטודIע — די, ־ס, ־ן. <איי <ל

1. בּרייטקייט, פֿאַרנעם פֿון אַן אויסשפּרייט פֿון אַ כוואַליע, אַן אָפּקלאַנג. דעם זינגערס אַ, פֿון דער העכסטער בּיז דער נידעריקסטער נאָטע וואָס ער קען נעמען. “... די ווירקונג פֿון דער שטים אויף דער פֿאָרעם פֿון גאַזפֿלאַם בּיַי עקספּערימענטן מיט אַ בּונזען־בּרענער קען געבּן אָנווײַזונגען בּנוגע דער פֿרעקווענץ און אַ'ע און איז אַ נוציק העלפֿמיטל בּײַם לערנען פֿרעמדע קלאַנגען,,, '... קאָנגרעס פֿון פֿאָנעטישע וויסנשאַפֿטן, [ייִבּל ▯ 1, XI־2]. 2. גרענעץ, שטח בּײַ יעדער אויסשפּרייטונג. ,,דער מאָדערנער מענטש האָט... אַנטפּלעקט עטלעכע פֿײַנע ציטערן אין דער מענטשלעכער נשמה, אַ צוויי־דרײַ קליינע, גאַנץ קליינע אַ'ן פֿון בּלוט־וואַלונגען אין מענטשלעכן האַרץ,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. 3. שטח צווישן דעם וואָס איז פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו אין אַן

אײַנשטעלונג. גײַסטיקער פֿאַרנעם. פֿאַרנעם פֿון
פֿעאיקייטן. ,,אַפֿילו אין דער באַציאונג צו

אַמפּליפֿיירן

משומדים... איז פֿאַראַן אַ היפֿשע אַ'ע,,, מוו,
ייִבל 14, XXX.
אַמפּליפֿיצירן — טרוו ־ציר, אַמפּליפֿיצירט.

<איי <ל. אויך: אַמפּליפֿירן.
אויסברייטערן פֿאַרגרעסערן פֿאַרשטאַרקן. העכער

מאַכן. אַ, די קלאַנגען. אַ, עלעקטרישע
כוואַליעס. ־ונג.
אַ'מסער — דער, ־ס. .Mhd: e imbe (
קאַרפֿאַטאָרוס) עמער. געפֿעס מיט איין אויער [ייִפֿאַ
3, 1939]. עמער צו שעפּן וואַסער פֿון ברונעם.
"געטרונקען האָט מען... קערניצע־וואַסער
פֿונעם אַ'... און אויסן זײַדל [= קוואָרט] אויף
דער פֿרײַער גאַס", הערצל אָפּשאַן, בית־יtראל
־ וויזשניצער רבים הויף, סיגעט 1939.
אַמסע'ר — דער, ־ן. (עלעקטרע) איינס, מאָס

פֿון אינטענס□ווקייט פֿון עלעקטרישן שטראָם
מיטן כּוח □ון איין וואָלט און בּ□ אַ
ווידערי

שטאַנד □ון איין אָם. אַ'־ש ע ה — סכום
עלעקטרע אין אַ שטראָם פֿון איין אַ, בּמשך פֿון אַ
שעה□

□

אַמפּער, אַמסער — דער, ־ן. ־am: □<

□[□1□□e□. מיו. 1. שטשאַוו. וואַקסט אויף פֿײַכטן
בּאָדן; ווערט קולטיווירט אין מעסיקן קלימאַט
וו אַ גרינצײַג. ד אַ,־בּלעטער האָבּן אַ
זויערי י
לעכן טעם. ווערט געגעסן רוי אָדער
געקאָכטערהייט. „ירקות וואשׂ דא וואַקסן אויף דען
פֿעלד אַלשׂ זויארי אַמפּרין מאַכט מן דריבּר
שהכּל“, מtזה I, נו/ג. אַ,־וו אַ ס ע ר — וואו
מע האָט געקאָכט אַ'. sa□[ei□ ac□ ume□].
2. טוו פֿאַר 'כּופֿר, (שיר־השירים, א, 14): „אַז
אַן הענגיל דז אַמפּפֿר דשׂ וואַקסט ויר־פֿינפֿא

מולט אים יאַר, אַזו אויך גאָט ית, פֿר גאבֿ
מיר אופֿט מײַן זינד,,, טח [תּי: ,,אַ הענגל
ציפּערבֿלומען״].

אַמפּעריי — די, ־ען. דזוו אַמפֿערניש. פֿראָ▯
-

צעס פֿון אַמפּערן זיך. ,,די אַ, האָט ▯אים] שוין
דערעסן,,, פּראַקטיקע איז אַ לערער, איבֿז ה״ג,
ווילנע 1877. ״די אינעווייניקסטע אַ'ען צווישן
די רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען״, זשיט I▯X, נ,,י
1919. ״אַ'ען האָבן זיך אָנגעהויבֿן איבֿער די
פֿונקציעס פֿון דעם אָרגאַניזירטן וועלט־ציוניזם״,
א▯א, געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. ,,זיי זענען
געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין זייער אַ אַז זיי האָבֿן

,

ניט באַמערקט...״, מאַנ, נאָענטע געשטאַלטן.
אַמסערן זיך — קזוו. ־ער זיך, זיך געאַמפֿערט.
פּ▯: האַמפּערן זיך. וואָס מע טראָגט
אַנטקעגן = e▯e▯][am :Mhd>. צאַפּלען זיך =
<פֿריהויכדײַטש: 1 .n▯e▯[bam. (אַרומ)־
קריגן זיך ניט־קריגעריש. זיך שפֿאַרן מיט
אַקעגנדיקע ראַיות, אַרגומענטירונגען.
קעגנשטעלן זיך מיט רייד. פֿירן אַ פֿרײַנדלעכן

וויכּוח. אַרויסזאָגן אַקעגנדיקע מיינונגען וועגן
וואָס צו טאָן, ווי זיך צו פֿירן. אַ, זיך איבּער
דעם וואָס דער פּסוק מיינט צו זאָגן. אַ, זיך
איבּער אַ בּיצה שנולדה (שלא נולדה)
בּיום‫טובֿ. אַ, זיך איבּער אַ קוֹצו־של־יוד. „לויט
זייער אַ, זיך זעט מען אַז עס גייט זיי (ניט)
אין לעבּן“. „הלל מיט שמאַין האָבּן אויך זיך

1

מיט דבֿקות געאַמפּערט„, ילג, ◌ יחת־חולין,
וואַרשע 1889. „איבּער דער מעשׂה... האָט זיך
מײַן חבֿרה שטאַרק געשאַרפֿט דעם מוח,
געאַמפֿערט זיך, געדרשנט מיט בּוונה„, ממוס,
'צוריק אַהיים'. „עס איז אַן אַלטע שקלא־וטריא,
איבּער וועלכער מען אַמפּערט זיך זינט
טויזנטער יאָרן“, בּ. יאושזאָן פֿון אונזער אַלטן
,
אוצר. „ס'ווילט זיך ניט אַ, מערער, מסתּמא איז
יעדער גערעכט“, בּ. לאַפּין, צייכנס. „זאָל שוין
זײַן גענוג געאַמפּערט זיך, לאָז דעם רבּין
זאָל לעבּן בּאַקומען דאָס עסן“, ייִז,
דערציילונגען. פּיג. „די קלויז טוט זיך אַ וויג. אַ'דיקע
בּערד און פּאות„, יעקבֿ פֿרידמאַן, פּאַסטעכער

אין י׳ראל, ת״א 1953. אויך: אַ, זיך מיט

זיך גופֿא. „האָב איך געאַמפּערט זיך מיט זיך

אַליין, געזוכט אַלץ חסרונות״, ממוס,

שטורמצײַט ״דער סוחר מיטן תּלמיד־חכם האָבן זיך

אין אים שטענדיק געאַמפּערט״, זש, קיטר און

רבּי I.

2. ווערן זיך, ראַנגלען זיך. אָפּשטויסן פֿון

זיך. אַקעגנשטעלן זיך פֿיזיש. „פֿאַראַן מעשׂים

וואָס אַ, זיך קעגן דעם אַז מע זאָל זיך אין זיי

מתוודה זײַן״, עמנואל אָלשוואַנגער איבּז, ג.

האַופּטמאַן, דער כּופֿר פֿון סאַאָנאַ, בּערלין 1922.

„רחמנא לצלן, אַ יונג נפֿשל... ווערט פּלוצעם

חרובֿ... עס אַמפּערט זיך, עס וויל לעבּן„,

לדבֿ, נ״י 1957, קמח. ״— אויסטאָן אים

נאַקעט! —... נחמן אַמפּערט זיך: ניין, שרײַט

ער, ניין„, ייִז, חבֿר נחמן. ״זיך אַ שלײַדער

געטאָן אויפֿן וועכטער, זיך עטלעכע רגעס

געאַמפּערט, אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד״,

אָפּאַ, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנ׳. ״ער שטופּט

און אַ׳ט זיך, אַרבּעטנדיק מיט די הענט און מיט

ד אַקסלען אויף אַלע זײַטן״, ווײַס, אַ שטעטל.

י

אַמסערניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון

אַמפּערן זיך. אַן אַ, אויף עטלעכע שעה. „די

אַ, פֿון די בורזשואַזע גרופּן,,, דער אידישער אַרבעטער, זשענעוו l904, No 7l. ,,ניטאָ קיין קריטעריום פֿון אָפּשאַץ וואָס זאָל זײַן גילטיק... אָן קיינע אַ'ן“, אַבאָ גאָרדין, פּאַש, 31 1953 II.

אַמסאַנגען — טרוו. אַמפֿאַנג, אַמפֿאַנגען. אַרכ. דטשמ. נר. ‏n]gen ק[em: ‏<. אויפֿנעמען. אָננעמען. קריגן, באַקומען. ,,לײַכט ווערט ער אמפ נגין... בײַא אוטרן אונט שלאַנגן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, ב/ב. ,,דער פֿרומער מאַן [בועז] האָט זי אַ, און פֿאַר אַ ווײַב דערנאָך גענומען“, אַר, 'פֿאַר שבֿועות,.
אַמפֿאָ'ר — דער, ־ן. ← אַפֿאָר, אַפּיר.

--

אַמפֿאָרע — די, ־ס. <איי <גר. אַנטיקער ליימענער קרוג מיט צוויי הענטלעך פֿאַר ווײַן אָדער אייל אא. די אויסגעצירטע אַ, איז געווען

אַ מתּנה אָדער אַ פּריז בײַ פּאַרמעסטונגען.

אַמפּי־ — פּרעפּיקס אין ווערטער פֿון גריכיש,
בּ: צוויי,ביידע, טאָפּל(ט).

אַמס אָקסוס — דער, ־ן. <איי <גר. (
זאָי
אָלאָגיע) 'שפּיזפּיש'. ים־באַשעפּעניש, ענלעך
אין אויסזען צו אַ פּיש. לעבּט אין די זאַמדיקע
בּרעגן פֿון טייל ימען. „דער נידעריקסטער פֿון

-

אַמפּיטעאַטער

די עקזיסטירנדע חוט־השדרהניקעס איז דער אַ,.
ער איז אַ ריין־אינסטינקטיווע באַשעפּעניש, אָן
אַ פּונק [ון פּאַרשטאַנד,,, ש. בּלוס, דער בּויס
פֿון לעבּן, נ,,י 1931, ז, 257.
אַמפּיבּאָ'ל(ע) — די, ־ן, ־עס. <איי <גר.

צווייבאַטײַטיקייט וואָס באַקומט זיך איבער אַ
גראַמאַטישער סיבה, איבערן ווערטער־סדר.
—יש — אַדי.

אַמפֿיב□יע — די, ־ן, ־ס. <איי <גר.)
זאָאָלאָגיע) באַשעפֿעניש וואָס קען לעבן סײַ אין
וואַסער סײַ אויף דער יבשה (די זשאַבע, דער
קראָקאָדיל אאַ). עקיקע, אָנעקיקע, אָנפֿיסיקע
אַ'ס. ,,אַ'ס — זײַנען קנאָפֿביינדלדיקע
בעליחיים, קאַלטבלוטיקע מיט אַ הוילער הויט.
יונגערהייט אָטעמען זיי מיט זשאַברעס,
דערוואַקסענערהייט — מיט לונגען. ס'רובֿ לייגן זיי
אייער. זייערע ענדגלידער זײַנען פֿיס, אָדער
זיי האָבן כּלל ניט קיין ענדגלידער“, דר, איסעל
איבז, אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924.
,,מיר לעבן ווי די אַ'יען (דאָס הייסט, אַזעלכע
ברואים וואָס לעבן אין וואַסער און גייען
אַרויס זוכן נערונג אויף דער יבשה), דאָס
הייסט, מיר וואוינען אין הימל און גייען אַראָפּ
צײַטנווײַז אויף דער ערד אום נערונג צו זוכן
און □ פֿליִען ווידער צוריק אין הימל,,, אמד, דער
בן יחיד, ווילנע 1875. אַ,־מ אַ ש י ן — ,,אַ'־
מאַשינעס, וואָס הייבן זיך אויף אין די וואָלקנס,
טוקן זיך אַראָפּ אויפֿן דעק פֿון ים, לאָזן זיך
אַרויס צום ברעג און שטורמעווען שטעט“,

ש. ראָסין איבּז, נ. טיכאָנאָוו, מילכאָמע,
מאָסקווע 1932. ־יש — אַדי. ־יאָטיש —
אַדי. אַמפֿיבּיאָלאָגיע — טייל פֿון
זאָאָלאָ
גיע וואָס שטודירט די אַמפֿיבּיעס.

אַמפֿיבּראַ'ד — דער, ־ן. <איי <גר
(פּראָסאָדיע) ,פֿון ביידע זײַטן קורץ'.
פֿערזנמאָס פֿוס פֿון אַ פֿערז, וואָס איז פֿאָרמירט פֿון
,
איין אַקצענטירטן טראַף צווישן צוויי
ניטאַקצענטירטע טראַפֿן. ,,עט האָ'ט מיך /
פֿאַרפֿלאָ'נטערט / מיט גריי'נס און / מיט בלו'מען /
וואו פֿלאַ'טער / לעך צאַ'פּלען / אין נע'צן / פֿון
שטראַלן“, ח. נ. ביאַליק ־יש — אַדי. ו / ו

.

-

אַמסיגאָריע — די, ־ס. <איי <פֿר.
גיכריידערײַ אָן שום זינען.

אַמפּיטעאַ▯טער — דער, ־ס. <איי <גר.

1. געבײַ אָן אַ דאַך פֿאַר פֿאָרשטעלונגען מיט רייען זיצפּלעצער אַרום, מיט אַן אַרענע אין צענטער. אַ, פֿאַר ספּאָרט־פֿאַרמעסטונגען. אַ האַלבּרונדיקער אַ'. "בײַ דעם נאַמעסטניק ▯ון דעם אינדזל מאַלטע איז געווען אײַנגעסטראָיעט אַ וואונדערלעכער און אַ ברייטער אַ'", א, מ', אַ שיינע גישיכטע פֿון דעם גירימטין ריטטער יאָזעף דער שיינער, וואַרשע 1878. ,,און אָט איז דער אַ,, וואו פֿרום וועט מען צוזען די סצענען, איר לײַד און איר צוק און איר פֿלאַטער, ווי קאָרטשען זיך וועט זי און ברענען,,,

אַמפּימי'קס(יס)

2. 'פֿראָנציסקאַ נעגועיראַ'. אַל III, האַלבּרונדיקער שטח אין אַ טעאַטער קעגן דער סצענע. 3. גרעסערער זאַל מיט אַן עסטראַדע אין אַן אוניווערסיטעט. ־טריש — אַדי.

אַמפּימי'קס(יס) — דער. <איי <גר.

1. (בּיִאָלאָגיִע) דאָס צונויפֿגיסן זיך פֿון פּלאַזמעס פֿון צוויי אָרגאַניזמען בײַ סעקסועלער רעפּראָדוקציע. 2. (עמבּריִאָלאָגיִע) צונויפֿקאָמבּינירונג פֿון פֿאָטערלעכע און מוטערלעכע ירושה־סובּסטאַנצן. 3. (פּסיכאָאַנאַליז) צונויפֿו.. בּונד פֿון אַנאַלן און געניטאַלן עראָטיזם אין דער אַנטוויקלונג פֿון סעקסואַליטעט.

-

אַמסינדן — טרוו. אָמפֿינד, אַמפֿונדן. דטשמ. נר.
in(1m□][□em:□> פֿילן, שפּי□ן. ,,... איז
.
לויטן דיכטערס אַ', אָדער בּעסער געזאָגט לויטן א, פֿון די סאָצ אַלע שיכטן, וועמעס שטימונג
- ,
דער דיכטער פֿאַרטרעט...,,, פּראָליט, כאַרקאָוו
-

4 1931, No־5.
אַמפֿיפֿאָ'ד — דער, ־ן. צווייפֿיסלדיקער אינזעקט מיט אַ האַרט שילדל איבּערן קערפּערל (ווי בּײַ אַ זאַמדפֿלוי).

י

אמפיקטיאָניע — די, ־ס. <איי <גר

פאַר־

.

באַנד פון שבטים אַרום אַ טעמפּל. ,,אַרום דעם הייליקטום פון דעם סינישן יהוה האָט אין אַלטע צײַטן עקסיסטירט אַ רעליגיעז־געריבטלעכער פאַרבאַנד פון די אַרומיקע שבטים... אַן אַ', צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט יהודה און די קרובֿישע שבטים, איידער זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין כּנען,,, מ. אַסטור, ,די אורגעשיכטע פון יהוה,, ייִבֿל 5 ,XIII־6.

אַמפעטאַמי'ן — נאָמען פון אַ רפואה צו סטימולירן די צענטראַלע נערוון־סיסטעם, צו הייבן אַ געדריקטע שטימונג, צום אַפּעטיט אע.

אמצעי — [עמצאָאי] דער, ־ים. <עירובֿין, ה, ב. 1. מיטלסטער, דער וואָס געפינט זיך אין מיטן, אין צענטער. 2. בײַנאָמען פון ר, דובֿבער שניאורסאָן (1773 — 1827), דער מיטלסטער רינג אין די ערשטע דרײַ דורות חבדער רביים. דער א, האָט געשמט מין זײַן קונטרס ההתפעלות. 3 פאַרמיטלער. ,,'וירא אלוהים

.

כּי טובֿ, — ער האָט אַלץ גימאַכט דורך זײַן גיבאָט צו זײַן דורך איין א',,, נצ1, טו/א.

,,הקדוש ברוך הוא זאָגט אויף משה רבנו
עליו השלום. 'פּה אַל פּה אדבר בו, אָן א'ים“,
לדבֿ, נ“י 1957, קי. 4. די. בלויז מצ. מיטלען.
,,אָן א'ים קען מען עס ניט גרייכן,,.
אם קטן אַתּה בעיניך — [אים קאָטן אַטאָ
בייאיינעכאָ] זאַץ. תּח. <שמואל א, טו, 17.
'אויב דו ביסט קליין אין דײַנע אויגן, [צווייטער
טייל: ,,ראָש שבֿטי־ישׂראל אַתּה,, — ביסטו
אָבער דער קאָפּ פֿון די שבֿטים פֿון ישׂראל;
אַזוי האָט אויסגעמוסרט שמואל דעם מלך שאול
מחמת ער האָט געשוינט אַגג, דעם קיניג פֿון
עמלק]. געניצט וועגן אַ פֿירער וואָס וואַקלט
זיך, וואָס צעגערט אָנצונעמען אַ באַשלוס. ,,א,
ק, אַ, בּ, — עניוות איז טאַקע אַ גרויסע
מעלה... אָבער אַ רבֿ דאַרף זײַן אַ פֿירער
פֿון זײַן קהילה,,, טמז, 1965 II □י 8.

1415

אַמקליגסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־.
קליגער פֿון אַלץ. צומקליגסטן. ,,... איז אַ,
דאָס מע זאָל זיך פֿון זיי גאָר אינגאַנצן
אַרויסמאַכן“, אמד, דער גלגול, וואַרשע 1867.
אמ“ר — [אָמאַר] ר,,ת פֿון: אַל מלא רחמים ←.

אָמר אַבּיי — [אָמאַר אַבּאַ'יע] ← אַבּיי, ז, 8.

אין ווערטלעך און פֿאָלקסגראַמען: „אָ, אַ, — איך דאַרף אַ קאַפּאָטע אַ נײַע„; „אָ, אַ, — האָב איך אַ ווײַבּעלע, הייסט זי חיה„; „אָ, אַ', קטאָ (יאַק) קאָני (הראָשי) ניע מאַיע, טאָ פּיעשקאָם (פּישקע) מאַכײַע" [= ווער עס (אויב מען האָט ניט קיין פֿערד (קיין געלט) דאַרף גיין צו פֿוס] פֿון אָ אַ, איז נאָך ניט קיין ראַיה",

; „ ,

שוו. „ווען ער דערהערט דעם ניגון פֿון אָ אַ',

,

קומט אים צו אַ נשמה אַ נײַע„, ממוס, יודל "אפֿשר ווילסטו מאַבן אַ שפּראַך אַ נײַע, ווי אַזוי זשע וועט מען לערנען אָ אַ'?", י צ

,

היילפּערין, דער לידער קראַנץ, אַדעס תּרנ„א.

„לערן בּיז קומען די שעה וועט די פֿרײַע...

אוי! אָ, אַ„ אוי, אָ, אַ'„, דא, שטילע געזאַנגען.

„אין בּית־המדרש — פּוסט און עלנט, ס'קלינגט ניט קיין תּנו־רבּנן און אָ אַ, פֿון ייִנגלעך

מת,

מידים„, אַ. קאָליר, היימיש, אָבֿ־אלול, תּשכ"א.

אָמר אויבֿ: אדדוף אַשׂיג — [... אויעוו:
ערדויף אַסי] זאַץ. תּח. <שמות, טו, 9. 'דער
פֿײַנד האָט געזאָגט: איך וועל יאָגן, איך וועל
כאַפּן,, תּי. [פֿון פּרעהס, מלך־מצרים,
באַרימערײַען.] אין נאָמען פֿון קאָצקער רבין: אָ, א, א,
אַ, — דער יצר־הרע, דער פֿײַנד פֿון מענטשן,
זאָגט: ער יאָגט זיך — איך וועל אים שוין
דערגרייכן. [אַ פּאָפּולער רעטעניש צווישן
חדריינגלעך: וואָסער פּסוק אין 'שמות, הייבט זיך
אָן מיט זעקס אַלפֿן איינער נאָכן אַנדערן? אָ, א,
א אַ אַ,... אָ'ריק..., שמות, טו, ט.]
, ,

-

אם ראית גנבֿ ותירוץ עמו — [אים ראָאיסאָ
גאַנעוו ווייטערעץ אימוי] זאַץ. <לויט תּהלים,
נ, 18: ,,ותּרץ,, (וואַטירעץ). געניצט שפּאַסיק:
כאַפּסטו עמעצן בײַ דער האַנט (בײַ אַ ליגן, אַ
גרײַז, אַן עוולה), האָט ער גלײַך אַ גרייטן
תּירוץ.
אם ראשונים בּני־מלאָכים, אָנו
בּניאַנשים — [... רישוינים בּניי־מאַלאָכים,

... אַנאָשים] זאַץ. תּח. <שבּת, קיב/ב.
,אויבֿ די פֿריִערדיקע דורות זײַנען קינדער פֿון מלאָכים, זײַנען מיר מענטשן־קינדער,. [צווייטע העלפֿט: “ואם ראשונים בני־אַנשים — אָנו כּחמורים,, — ,,און אויבֿ די פֿריִערדיקע דורות זײַנען מענטשן־קינדער, זײַנען מיר ווי אייזלען“, ז. בּרושי, צוק, דעצ, 1967].

אָמר ה, ליעקבֿ — [אָמאַר האַשעם לעיאַקויוו] ← אַל תּיראָ עבֿדי יעקבֿ. אין ווערטלעך, פֿאָלקסגראַמען און פּאַראָדיעס: ,,אָ, ה, ל, — די קינדערלעך פֿון יעקבֿ שרײַען צו גאָט, ערבֿ ובֿוקר: אונדזער פֿאָטער, אונדזער קעניג זײַ זיך מרחם, מיר זײַנען דאָך, מיר זײַנען דאָך אין קלעם, מלכים ושׂרים בּיד השם,,, פּל (פֿון פּריזיוועניקעס אין צאַרישן רוסלאַנד). “אי סקאַזאַל פּאַן באָג צו יעקבֿ / אַל תּירא עבדי יעקבֿ / ניע פּוגאַיסיאַ, בּאַרין יעקבֿ. / ניעט, ניעט

ניאָמשאַניק

טשעוואָ / ניע בּאַיוס יאַ ניקאָהאָ / טילקאָ בּאָהאַ יעדנאַהאָ. האָט געזאָגט דער האַר גאָט צו... / האָבּ ניט מורא, פּריצל יעקבֿ. / ניין, ניין, ס'גאָרניט, / איך האָבּ סאַר קיינעם קיין מורא

ניט / נאָר פֿאַרן איינציקן גאָט,, פֿל (אוקראַינער

,

חסידים).

אמרו לאלוהים — [אימרו לײלויהים] פֿראַזע

>תּהלים, סו, 3. 'זאָגט צו גאָט,. ערשטע

ווערטער און נאָמען פֿון אַ פֿינפֿפֿאַך־געגראַמטן

פּיוט, יום־כּיפּור צו שחרית, אַקראָסטיך לויט

סדר פֿון אַ,,בּ פֿאַר איטלעכער סטראָפֿע ווערט

איבערגעחזרט א, ל, [מחבּר: ר, משולם בּן

קלונימוס, 10. י״ה]. געניצט אין סאַרקאַסטישע פֿוול

מיטן אַלגעמיינעם בּ — ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן

דאָס בּעטן זיך, דאָס אויסטענהן זיך: ,,א, ל, —

אַרויסגעוואָרפֿענע רייד,,, ,,א, ל, — רעד כּאָטש

שרײַ) צו דער וואַנט; רעד צום לאָמפּ, צו דער

לבֿנה, צום דאַשיק“, ,,א, ל, — גאַדײַ דאָ

דאַשקאַ,,, ,,א, ל, — כּאָטש שרײַ חי־וקים,,, ״א,

ל, — ס'ועט העלפֿן ווי אַ טויטן בּאַנקעס,,.

אַמרי אינשי — [אַ'מרע אינשע] תּח. >גיטין,

ל/ב; סנהדרין, צה/ב. געניצט אַנשטאָט: היינו

דאמרי א,, כּדאמרי א'. מענטשן זאָגן, ס'גייט

אַרום אַ פֿוול. דער עולם זאָגט. תּלמודישער
אויסדרוק בײַם מסבּיר זײַן אויך אַ דבֿר־הלכה.
“אַ, א,... ווען גאָט גיט מאות, גיט ער אויך
דעות“, אמד, סידור מוסר, 1875.

אָמר... משמיה (משום) — [אָמאַר...
מישמיי (מישו'ם)] תּח. <בבֿא קמא, כא/ב.
,ער... האָט געזאָגט אין זײַן נאָמען (אין
נאָמען פֿון...)„. אַן אַרײַנפֿיר צו אַ הלבה,
מימרא, אַגדה, וואָס אַ תּלמיד גיט איבּער אין
נאָמען פֿון זײַן רבּין. „אָ, מ, — איז וואָס? קיין
מר בּר רבֿ אַשי איז ער דאָך ניט!“. „אָ, מ,... —
זאָגט ער“.

אָמר קרא — [... קראָ] תּח. <קידושין, ג/ב;
פּסחים, עה/א. ,דער פּסוק זאָגט', ס'איז אַ
בּפֿירוש(דיק)ער פּסוק, אַזוי שטייט אין דער
תּורה. געניצט ווי אַ ראַיה צו בּאַפֿעסטיקן אַ
דבֿר־הלכה. „וואָס טויג מיר די גאַנצע
שקלאַוטריא? אַ, ק', און כ'וועל ניט נאָכגעבּן
כּיהוא־זה ,,

אָמר ר, אליעזר (אלעזר) — [... ראַבּי
עליעזער (עלאָזאָר)] זוו. <בּרכות, סד/א. 'האָט
געזאָגט ר, א', [אין נאָמען פֿון ר, חנינא:
„תּלמידי חכמים מרבּים שלום בּעולם“]. אָנהייבּ
פֿון אַ שטיקל גמרא וואָס מע זאָגט

פֿרײַטיקצונאַכט בײַם דאַווענען מעריבֿ נאָך 'בּמה מדליקין, און פֿאַר רבּנן־קדיש. שפּאַסיק: „אָ, ר, א, — מע האָט (דו האָסט) צעכּראָכן די גלעזער, אָ, אַבּײַ — מע דאַרף קויפֿן (קויף־זשע) נײַע“.

אָמש — — דער, ־טן די בינשטאָקן בּ

ק

.

ל

הײַזל צו הא ך

אני ס.]] [a] כ[OM1:

ספּעציע —

דעם ווינטער אין ערטער מיט אַ קאַלטן קלימאַט. ‘‘עפּנט אויף פֿאָרזיכטיק דעם אָ'. אַ טרוקענע אָנגענעמע וואַרעמקייט גיט פֿון דאָרטן אַ יאָג„, ש. גאָדינער איבּז, וו. סטאַווסקי, דער איבּערבּראָך, מאַסקווע 1932. „נאָך מיטאָג איז

-

אַמשאַרפּסטן

דער אַלטער אַוועקגעגאַנגען כאַפּן אַ דרימל אין אָ'‘‘, ה. דאָבּין, צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941.

-

אַמשאַרסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־. שאַרפֿער פֿון אַלץ. צומשאַרפֿסטן. „די קללה פֿון אַ שלעכטן מאָגן   פֿילט מען אַ', ווען

...

מע זיצט בײַ אַ גוט סערווירט טיש“, נ. זאַבאַרע, סאָוו, היימלאַנד, 9 1967, No.

אַמשטאַרקסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־. שטאַרקער פֿון אַלץ. צומשטאַרקסטן. “אַ, וואַרפֿט ןיך אין די אויגן, ווען מע באַזוכט...“, דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.

אַ'משינאָוו — גנ. <מטשאָנוּוו. גרעסער ייִדיש שטעטל אין פּוילן, 42 ק“מ פֿון וואַרשע [1921 — 5,014 אײַנוו', 188,2 ייִדן]. געבוירן־אָרט פֿון ה. ד. נאָמבערג. צונעמען: אַ'ער זשוליקעס';

,

אַ'ער נאַראָנים'. ווש: 'עם שׂונא'; 'עם סורר

,

רע'. אין 1940, האָבן די נאַציס פֿאַרשפּאַרט ייִדן אין שולן און בתּי־מדרשים און אַוועקגעלאָזט די בנינים מיטן פֿײַער.

אַמשלימסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַ .

ערגער פֿון אַלץ. צומערגסטן פֿון אַלע האַנט. „

ווערקער... זײַנען אַ, אַוועקגעקומען (דאָס הייסט געליטן) די קירזנער“, אמד, אידישע קליידער אומוועקסלונג, ווילנע 1871.

אַמשענסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־.
שענער פֿון אַלץ, צומשענסטן. „אַ, האָט אויסגענומען ושתי, ניט אסתּר, ווײַל ושתי האָט כּמעט קיין זאַך אויף זיך ניט געטראָגן“, פּבּ.

אַמשסעטסטן — אַדוו, סופּערלאַטיוו. ← אַמ־.
צומשפּעטסטן. „וויפֿל קען געדויערן אַ, ביז דינה וועט קומען?„, ספּ, סודנת.

אמש“ר — [אַמשאַ'ר] ר„ת פֿון: אַל מעלתך שלום רבֿ [על מאַאַלאָסכאָ שאָלוים ראַוו] — תּח 'צו זײַן הויכגעשעצטקייט, אַ סך פֿרידן'. אָנהייבֿ פֿון אַ בריוו צו אַן אָדם חשובֿ.

אם תאמר מה נאכל — [אים טוימאַר מא נויכאַל] זאַץ. <ויקרא, כה, 20: וכי תאמרו... אַז דו וועסט זאָגן: וואָס וועלן מיר עסן?'.
,

געניצט צו באַצייכענען: א) זאָרג פֿאַרן מאָרגן; בּ) צושטאַנד פֿון נויט און דחקות. „צו ר, יודל טאַלנער איז אַמאָל געקומען אַ בעל־דרשן און האָט געזאָגט: — רבי, כ'וועל אײַך פֿרעגן אַ

קשיא: א, ת, מ, נ'? — כ'וועל דיר ענטפֿערן
אַ תּירוץ! און דער טאַלנער האָט אים
דערלאַנגט אַ רובל. צומאָרגנס איז דער בעל־דרשן
ווידער געקומען און האָט געפֿרעגט די
זעלביקע קשיא. — סטײַטש? איך האָב דאָך אײַר
נעכטן געענטפֿערט! — כ'האָב נעכטן
איבערגעקײַט אײַער תּירוץ, איז ער מיר געבליבן
װײַטער קשה,,, אַ□רהם ענגעלשער, דער ייִדישער
אוצר, ת״אָ תשכ,,ו. ,,איך פֿלעג, בחרפּתנו,
יעדעס מאָל אויפֿפּאַקן אַן אַנדער בוך און עס
פֿאַרקויפֿן, ווײַל א, ת, מ, נ'?“, ש טענענבויס,
איו□ □ון לעמבערג, נ״י 7□19.
אם תמצא לומר — [... ט'ימצע לוימער
(לוימאַר)] זאַץ. תח. >פּסחים, ט/א אאַ
□אויב דו וועסט וועלן זאָגן,, תלמודישער ט':

אַן אַרײַנפֿיר צו אַן אַנדער סבֿרה, אָדער אַ
וואָרנונג, אַז די אַנדערע סבֿרה וועט פֿירן
צו אַ סתּירה. געניצט צו ווײַזן, אַז עס איז דאָ
אַן אַנדער מיינונג (אויספֿיר, תּירוץ), און צו
פֿאַרלויפֿן דעם וועג פֿאַר אַן אַנדער מיינונג.
,,ער איז אַ קמצן שבקמצן, און גיט ניט קיין
צדקה; א, ת, ל, ער האָט ניט? טראָגט דאָך זײַן

ווײַב טײַערע צירונג“.

אם תעזבני יום, יומים אעזבך — [...
טאַאַזווייני יוים, יוימאַיִם עעןאָווכאָ] זאַץ. תּח.
<רשי, דבֿרים, יא, 13. 'אויב דו ווערסט מיך
פֿאַרלאָזן איין טאָג, וועל איך דיך פֿאַרלאָזן
צוויי טעג, [אַזוי זאָגט די תּורה צום לערנער],
ד"ה אויב מ'לערנט ניט אַ טאָג, פֿאַרגעסט מען
וואָס מ'האָט געלערנט צוויי טעג. שפּאַסיק:
,,הײַנט קענסטו ניט קומען צו מיר, — מילא.
א, ת, י, — י, א', וועל איך מאָרגן און
איבער־־
מאָרגן צו דיר ניט קומען“. פּפֿ: אס תעזבה
-
יוס — יומימ תעזבך.
אמת — [עמעס] אַדי. ← דוווו וואָס עס איז
אמת. וואָס האָט אין זיך אמת. אַבסאָלוט ערלעך,
גערעכט. אויפֿריכטיק פֿולקום. עכט. וואָס איז
.
אין הסכם מיט אַ פֿאַקט. הונדערט־פּראָצענטיק.
ו אָס איז אָן שום צומיש פֿון פֿאַלשקייט אָדער

אָפּדאַכטעניש. אויך איר, אין פֿאַרקערטן זינען.
א, שיין, א, קלוג אע. א, פֿאַרדאָרבן, א'ע
פֿערל, דימענטן אע. א'ער פֿאָטער, אָפּשטאַם.
דער א'ער בן־מלך. א'ע מעשׂה (שהיה). א'ער
רבי, וועגווײַזער. א'ער משפּט אע. א'ע געפֿילן,
כּוונות. א'ע שׂמחה, עצבֿות. א'ער ווילן. א'ע
שלימות פֿרײַנדשאַפֿט. א'ער וועג. א'ער

בּעל□ □

׳
תּשובֿה. א'ער פֿרומער ייִד, א'ער איש חסיד.
א'ע כּשרות. א, גלאַט־כּשר = גלאַט־כּשר. „א,
גלאַט־כּשר־פֿלייש“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
א, געלט = מיט גרויס קויפֿקראַפֿט. פֿרגל:
אמת־געלט. א'ער גבֿיר, נגיד, אָרעמאַן, גנבֿ.
א'ער מענטש. דער א'ער קאָליר. א'ער
קינסטלער. אַן א'ע קונץ, שטוקע, אָפּנאַרערײַ.
ס'איז א, בּאַטעמט. אַן א, גרויס ווערק.
ס'איז אַן א'ער ליגן — אַ בּפֿירושער, לחלוטין

□ --

אַ ליגן. *די א'ע וו ע ל ט = א) יענע־וועלט.
ער (זי) איז שוין אויף דער א'ער וועלט = ער
(זי) איז שוין אַ שוכן־עפֿר; בּ) אידעאַלע וועלט,
אָן שום פֿאַלשקייט. “אַ מקום־קדוש בּרויכט

צו זײַן אַן א'ע וועלט, אַקעגן גאָט זײַנען אַלע
גלײַך“, דער יוד, פֿאַר פסח, וואַרשע 1881. אַן
א'ע (שטיקל) סחורה — אויך: אַ פֿאַלשע(ר),
צעלאָזענע(ר), אויסגעלאַסענע(ר). אַרויסקומען מיט
א, לשון = מיט שטרענגער קריטיק, מיט
זידלערײַ. □א'ע נאמנה = פּראַוואָסלאַוונער גלויבן.
□די א'ע חתונה = (איר) טומל, קאָכעניש.
„דער ייִדענעס מילך (דעם קרעטשמערס
בּראָנפֿן) איז א, וואַסער„ פֿוול. “ווער עס טראַכט
,
וועגן דער א'ער וועלט, דער קימערט (זאָרגט)
זיך ניט וועגן געלט“; „איבּער די פֿאַלשע טרערן
קענען שוין די א'ע ניט אַרויף אין הימל“; „אַן
אײַנגערעדטע קרענק איז ערגער ווי אַן א'ע“;
„אַ געמאַכטע מכשפֿה איז ערגער פֿון אַן א'ער“,
שוו. “דו בּיסט דער שופֿט פֿון דער וועלט,

אמת

זאָלסטו ניט א, משפּטן?“, מלרה, יג/ב. “דער
טיטל א'ער... איז הײַנט אין גרויס חשיבֿות,
מע שענקט אים יעדערן וועמען מע וויל
אָפּגעבּן כּבֿוד“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „אַ

פֿלאַש ווײַן אַפֿילו האָבן זיי מיר געבראַכט, איך האָב זי אַפֿילו ניט אָנגערירט מיטן מויל — א, נסך,,, פּרץ, 'האשה מרת חנה'. ״די קינדער וואַקסן ווי א'ע פֿראים״, בוקי בן יגלי, יי״אָל, No ,1887 32.

־קייט — ״פֿון א, און גוטסקייט זאָלסטו דיך קיינמאָל ניט אָפּלאָזן״, מס, משלי תקע״ד, ג, 3.

אמת — דער, ־ן. <בראשית, כד, 48 אאַ

1. אַבסאָלוטע וואָר. ,,א, איז דער חותם פֿון גאָט,,. ,,דײַן שרײַבזיגל הייסט א'״, א. פּאַוויר, בחינות עולס, זשאָלקעוו תקס״ה, מ/א. ,,צו מאַכן וואַקסן דערפֿון דעם א, פֿון למעלה, דעס א, פֿון גאָט״, תניא, קיא. ״וואָס ס'איז מער ניטאָ איז יש פֿון א'״, הל, 'אויף יענער זײַט פֿון זאַכן, [דער קאָצקער רבי האָט ניט געניצט דאָס וואָרט א', אַנשטאָט דעם פֿלעגט ער זאָגן 'פֿאַרוואָר'].

2. אָביעקטיווע פֿאַראַנענקייט. דאָס וואָס איז (בהסכם מיט) אַ פֿאַקט. דאָס וואַס איז אויף דער וואָר (געוועזן). דאָס וואָס קען דערוויזן ווערן אין (מיט) וויסנשאַפֿטלעך פֿאָרשן און פֿון דערפֿאָרונג. דער א, פֿון נאַטור־געזעצן. ,,איך וויל עשׂ אונטער דען פֿנים זאָגן און גלײַך פֿאַר דעם ב״ד אונ, וואו מן וויל — עשׂ איז

אייטל א"', 'שו"ת הרמ"א', 1640 [הש I].

3. דאָס וואָס איז אין פֿולן הסכּם מיט עטישע אידעאַלן. א, און צדק. „שעהמי דיך ניט אַן צו נעמן דעם א', ווען דירס אַך זגט איין שלעכטר [= געוויינלעכער] מאַן", ספֿר מבֿחר הפּניניס, הומבּורג תצ"ט, ז/א. „צום א, איז דאָס געלט קיין תּכלית ניט", נחבֿ, 'מעשׂה מבּעל־תּפֿילה'.

צו די בּבֿ 3 — 1. זאָגן דעם א'. זוכן,
אויסגעפֿינען, דערגיין דעם א'. מיינען אויפֿן רעכטן
א', שווערן אויפֿן א'. אויסקומען מיטן א'.
דערוויסן זיך, דערקענען אע דעם א, פֿאַרלייקענען,
.
פֿארבּאהאלטן פֿאַרהוילן אע דעם א'. צופֿאַרבּן,
— — — ,
צופּוצן דעם א'.

פֿולער, גאַנצער, קלאָרער, ריַיכער, לויטערער א'; פּשוטער, רעכטער, ניט־בּאַפֿאָרבּענער א'.
תוכיקער, אַבּסאָלוטער, געטלעכער,
פֿונדאַמענטאַלער, טראַדיציאָנעלער, אַלטער, ניַיער,
אָנגענומענער א'. וויסנשאַפֿטלעכער, עמפּירישער א,
פּרימיטיווער, אויבּנאויפֿיקער א'. היסטאָרישער
א'. קינסטלערישער א'. אַלף־בּית־א, =
עלעמענטאַרער א'. א, שבּאמת. א, פֿון א'־לאַנד.

4. דאָס וואָס זעט אויס ווי דאָס ריכטיקע,

דאָס אידעאַלע, דאָס עכטע, דאָס שיינע אע. דער
א, פֿון קינסטלער. „פּאָעטן דאַרפֿן ניט קיין
טעמעס פֿאַר זיי דער ניגון איז דער א, פֿאַר
מיר דער א, איז דאָס ליד„, מ. ז. טקאַטש,
'פּאָלעמיש'.
5. זור־ דזוו דעם אמת זאָגנדיק (געזאָגט).
״א', ער האָט ניט געהאַלטן וואָרט, אָבער בטבֿע
איז ער ניט קיין ליגנער״.
די דריַי אותיות פֿון אמת: א) ״בּראשית בּרא
אלוהים — איז סו□י תּיבֿות א, מ, ת, — וויַישׂט
אמ□.

דז דער עולם [= בּאַוויַיזט אַז די וועלט] איז
בּישאַפֿין וואָרדן מיט א',„ טח, בּראשית, א, 1;
ב) א, אין אָנהייב, מ, אין מיטן, ת, בּיַים סוף,
ד״ה: „אַני ראשון, אַני אַחרון ומבּלעדי אין
אלוקים״, שיר השירים רבּה, א, מה. „מע דאַרף
ניט מער ווי זאָגן דעם א', האָט מען שוין
געזאָגט אַלץ״, ציַיט; ג) א, — אָנוכי, אָנהייב פֿון
די עשׂרת־הדבּרות; מ, — מאימתי, אָנהייב פֿון
דער משנה; ת, — 'תּנא היכא קאי', אָנהייב פֿון
דער גמרא. אַלע צוזאַמען — אמת; ד) די א'־

ספֿרים, איובֿ, משלי, תּהלים; דער א'־טראָפּ — דער טראָפּ וואָס מיט אים לייענט מען די א'־ספֿרים; ה) אָרון, מטה, תּכריכים פֿון חסד של א'.

פֿפֿ: א, ווי גאָלד, ווי דער טאָג, ווי די תּורה, ווי תּורת־משה, ווי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, ווי מיר האָבן הײַנט..., ווי דאָס איז גאָטס גאָבֿ [בײַם אָנווײַזן אויף שפּײַז], ווי אַ שהכּל פֿון גאָט [בײַם ריידן בעת מע טרינקט טיי — אויף טיי מאַכט מען די בּרכה: 'שהכּל נהיה בּדבֿרו']. א, ווי מיר ייִדן לעבן (מאַטערן זיך) אויף דער וועלט, זײַנען אין גלות אע [שפּאָטיש: א, ווי מערידן]. א, ווי נײַן [אין מספּר קטן איז אמת = 9; א = 1; מ = 4; ת = 4]. איר: א, ווי תּור▯־לאָקשן, ווי יויזל, ווי זייער געטשקע, ווי אין אַ רעשעטע וואַסער, ווי איך בּין דער גובּערנאַטאָר. ליכטיק, ריין, קלאָר, פּשוט, פֿלאַך ווי דער א'.

פֿוול: א, פֿון אַלף בּיז תּיו [אינגאַנצן פֿון

,

אָנהייבּ בּיזן סוף]. „האָבּן דעם א, אין האַרצן“; „ער איז דער א, אַליין“; „ער גייט מיטן א, פֿון פֿאָרנט“; „ער האָט קיינמאָל נאָך אַזאַ א, ניט געזאָגט“; „א, איז נאָר בּײַ גאָט און בּײַ

מיר אַ ביסל,,; "וואָס א, איז א',,; ,,עס איז ניט אַזוי גלײַך ווי עס איז דער (אַן) א'"; ,,עס איז צו גוט, עס זאָל (טאַקע) זײַן א'"; ,,ווייניקער אַ וואָרט, אַבי אַן א'"; ,,אַ וואָרט ווייניקער און דעם א'"; ,,עס איז ניט אַזאַ גלײַכוואָרט ווי עס איז דער (נאַקעטער) א',,; ,,אַן א, אָן שפּיצלעך, אָן חכמות"; "וואו געפֿינט מען דאָס פּינטעלע א'?,,; ,,זאָגן דעם א, גלײַך אין די אויגן אַרײַן". ▯ געגאָסן בײַם א, = ווען מע דערציילט עפּעס און אַ הערער ניסט, איז עס אַ סימן, אַז דאָס געזאָגטע איז א'. שפּאָטיש: ,,ס'איז (טאַקע) א', די קאַץ האָט געגאָסן,,.

שוו: "א, (אויף אַן א') איז (נאָר) גוט עדות צו זאָגן"; ,,א, באַווײַזט זיך"; ,,א, קאָסט (דאַרף קאָסטן) געלט"; ,,א, וואַקסט פֿון דער ערד אַרויס" [▯. אמת מאַרץ תּצמח]; ,,אַ קאַטאָוועס (אַ וויץ) איז אַ האַלבער א',,; ,,א', שׂכל און יושר זײַנען אַ מענטשן געגוג וויפֿל ער האָט — געלט איז אים ווייניק"; "וואו א, דאָרט איז הצלחה"; ,,א, — אַ מת" [= לעבעדיקערהייט איז שווער צו לעבן מיטן א']. ,,דער א, איז אַ קריכער"; ,,דער א, קומט שפּעט, אָבער ער קומט"; ,,דער א, אין די אויגן, דער ליגן איז הינטער די אויגן"; ,,דער ערגסטער א, איז

בּעסער ווי דער בּעסטער (שענסטער) ליגן“;
„וואָס קען זײַן בּעסער ווי דער א'?„; “דער
בּיטערער א, איז בּעסער ווי די זיסע

אײַנרע1417

דעניש„; „(דער) א, איז אין סידור“ [←. אמת
ויציבֿ. ד„ה אין לעבּן איז א, ניטאָ]; ▯דער א,
איז געשטאָרבּן (אָבּער קיינער קען אים ניט
בּאַגראָבּן)„; „דער א, איז נאַקעט, (ער האָט
ניט קיין געלט אויף אַ מלבּוש)“; „דער א, איז
דער גרעסטער (בּעסטער) שווינדל„; „דער א,
איז (גאַנץ) שווער, (דעריבּער) טראָגן אים
זייער ווייניק“; „דער א, האָט אַלע מעלות,
אָבּער ער איז אַ שעמעוודיקער„; „דער א,
האָט פֿיס, איז ער אַנטלאָפֿן, דער שקר
האָט ניט קיין פֿיס [= שקר אין לו רגלים]▯
איז ער (דאָ) געבּליבּן“; „דער א, וועט דעם
שקר בּאַווײַזן“; „דער א, טוט וויי (בּאַנג)“;
„דער א, לעבּט ניט, דער א, שטאַרבּט ניט,
דער א, מאַטערט זיך“; „דער א, איז (לעבּט ווי)
אַן אָרעמאַן„; „דער א, קויפֿט זיך אײַן
שׂונאים“; „דער א, קומט (שווימט) אַרויס ווי בּוימל
אויפֿן וואַסער„; „דער א, קען אַרומגיין אַ

נאַקעטער, דעם שקר דאַרף מען באַקליידן„;
"דער א, שטעקט אין דער ייִדענעס מילך"
[= איר, די מילך איז מיט צוגעגאָסן וואַסער];
„דער בעסטער ליגן איז דער (ריינער) א,";
„אַ רמז קען זײַן האַרבער (שלאָגט שטאַרקער)
ווי דער א'"; „די ערגסטע רכילות איז דער
א'„ [אויסגעטראַכטע רכילות איז ניט אַזוי
געפֿערלעך ווי פֿאַרשפּרייטן אַ מיאוסן אמת];
„דעם א, האָט גאָט ליב„; „מיט(ן) א, קומט
מען פֿאַר גאָט"; „דער שפּיגל זאָגט דעם א'„;
„דעם א, מעג (דאַרף, קען) מען זאָגן אַפֿילו
דעם (אויפֿן) אייגענעם טאַטן"; „דעם א, מעג
מען זאָגן איטלעכן אין די אויגן„; „איטלעכער
האָט ליב דעם א', אָבער ניט איטלעכער זאָגט
אים„; „אַלע רימען זיך מיטן א', נאָר (אָבער)
קיינער האָט אים ניט"; „ברויט און זאַלץ צו
עסן, אַבי דעם א, ניט פֿאַרגעסן„; „זאַלץ און
ברויט זאָלסטו (מעגסטו) עסן און דעם א, ניט
פֿאַרגעסן"; „מיטן א, קען מען אויסגיין (
אויספֿאָרן) די גאַנצע וועלט„; „דעם א, איז שווער
צו געפֿינען, ווײַל דער שקר פֿאַרשטעלט אים"
[מיט אַ פֿשטלדיקן אויסטײַטש: די אותיות פֿון
אמת זײַנען צעוואָרפֿן אין אַלף־בית: א — אין
סאַמע אָנהייב, מ — אין מיטן, ת — בײַם סאַמע

סוף, אָבער די אותיות פֿון שקר זײַנען שכנים.]
,,אַז מע זאָגט דעם א, פֿאַרשפּאָרט מען (זיך)
-
,
צו שווערן“ פֿאַר דעם (פֿאַרן) א, שלאָגט
,,
(שמײַסט) מען,, [פֿאַרוואָס? ווײַל פֿריִער שלאָגט
דער א']. פֿאַר דעם א, איז (ווערט) מען בּרוגז“;
,,
,,דער טויט בּאַווײַזט דעם א'“; ,,דער א,
בּאַשטייט, דער שקר פֿאַרגייט“; ,,קינדער און
נאַראָנים זאָגן דעם א',,; ,,אַ ליגן טאָר מען ניט
זאָגן, אָבער דעם א, מוז (דאַרף, קען) מען ניט
(איז מען ניט מחויבֿ צו) זאָגן,,; ,,בּעסער אַ
מיאוסער א, איידער אַ שיינער ליגן“; ,,א, מיט
ליגן צעריבּן איז גאָרנישט געבּליבּן,,; ,,אַ
האַלבּער א, איז אַ גאַנצער ליגן,,; ,,ווען זאָגט אַ
ליגנער דעם א'? ווען ער איז זיך טועה,,; ,,אַ
ליגנער אַז ער זאָגט נײַן מאָל ליגן, איז אויפֿן
צענטן מאָל מיינט ער אַז עס איז אַן א',,;
,,ליגנערס היטן דעם א, און רירן אים נישט
אָן,,; ,,אַ ליגנער, אַפֿילו אַז ער זאָגט א,, גלייבּט

אמת הד ר

מען אים אויך ניט,,; ,,אַ סך תּירוצים און ווייניק
א',,; ,,דער אמת הייבּט זיך אָן מיט אַן אַלף
און ענדיקט זיך מיט אַ תּיו" [= נאָר אַ גאַנצער
א, איז אַן א']. ◻דעם יצר־הרע קען מען
פֿאַרטרייַבּן נאָר מיטן א'", קאָצקער שפּרוך.
אמת אמת תּפֿסיה להאי — [... טאַפֿסיי
לעהאַי] זאַץ. תּח. <בּרכות, יד/ב. אַנשטאָט:
כּל א, א'.... 'דער אמת האָט אים
אָנגעבֿאַפּט, (האָט זיך אין אים אָנגעצונדן). בּאַצייכנט
דעם וואָס זאָגט צוויי מאָל א, (אין קריאת־שמע:
ה, אלוהיכם א', א, ויציבֿ...). איר. געניצט
ווען איינער האַלט אין איין אונטערשטרייַכן אַז
ער זאָגט א, און רופֿט אַרויס אַ חשד. "א, א,
תּ, ל, — ער חנדלט זיך צו פֿיל מיטן א'"; ,,א,
א, תּ, ל', ער איז עפּעס אַ גאַנצער שמעלקע
מיטן א,,,..
אמת גמור — [... גאָמור] פֿולשטענדיקער,
לחלוטינדיקער אמת. ,,איך האָבּ עס אָנגענומען
פֿאַר אַן א, ג',,, ייִל, פּריטשעפּע I, אַדעס 1876.
,,אַ וואונדערלעכע מעשׂה, אַן א, ג'", פּרץ, 'שׂרה
בּת טובֿים,.
אמת־געלט — דאָס. 1. ערלעך געלט, כּשר

פֿאַרדינט. 2. ניט קיין פֿאַלש געלט. ״זאָג מיר
דו שקאָץ, איז דאָס טאַקע א״ג? — זײַט
רואיק... א״ג, ווי עס איז אמת אײַערע שיינע
מעשׂיות״, אַר, 'דער מאָדערנער אליהו הנבֿיא'.
אמת דבֿרתי — [... דיבֿאַרטי] זאַץ. תּח.
<לויט מלכים א, כב, 16: לא תּדבּר אלי רק א'.
,כ'האָבֿ געזאָגט דעם אמת'. „דער אָנגעקלאָגטער
אין לשון־הרע וועט זיך ניט קאָנען
פֿאַרענטפֿערן מיט א, ד'„, טמז, 17 IX 1965.
אמתדיק — אַדי. דזוו אמת, אַדי. אין פּד
אָפֿטער ווי אין אַנדערע דד. א'ער אמת. „איצט
איז ער א'ער ווי פֿריִער„. די א'ע אמונה אין
בּורא־עולם. „יאָ, ער איז אַן א'ער העלד בײַ
דער מויל־מלאָכה„. „נאָר דאָס איז אמת אַז
אַ מענטש פֿאַרגיסט זיך זײַן בּלוט און האָט
גאָט אין זין, אָבֿער טאַקע א, אַלע מינוט״,
טעיאַטאָר. „דעם בּאַשעפֿער א, צו לויבֿן און
צו דאַנקען...„, ר, יצחק האַמבּורגער איבֿז,
פּלא יועץ, ווילנע 1898. „איך וועל אײַך
דערציילן אַ וואונדערלעך מעשׂהלע, אַ
וואונדערלעכס, אָבֿער אַן א'ס״, לייבֿ אָליצקי, 'גאָלדענע
אייער,.
אמתדיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט,
מהות פֿון דעם וואָס איז אמת. וואָריקייט פֿולע

.

אויפֿריכטיקייט. די א, פֿון דעם וואָס ווערט דאָ
געזאָגט. דורכויסיקע א'. ,,דאָס בּרעקעלע
אויפֿגעדעקטקייט און דאָס שטיקעלע א'... האָט אים
געמאַכט סימפּאַטיש, מענטשלעך,,, י.
יאַנאסאָוויטש מיט יִדישע שדייַבער אין רוסלאַנד.
,,... אַ סוף וואָס ווערט נישט דערציילט, נאָר
זייַן א, ווערט בּאַשטעטיקט,,, צייַט, טמז, 1967
.III 29

--

אמת הדבר — [... האַדאָ'וואָר] זאַץ. תּח
<ד◌רי הימים בּ, ט, 5. 'אמת איז די זאַך'.
געניצט ווי אַ צוגאָב וואָס בּאַגרענעצט די
פֿריִערדיקע רייד. ,,א, ה'... דער עיקר איז אַז עס

אמת ויצי◌

דאַרף זייַן דער רצון‘‘, לדבֿ, נ,,י תּשי‘‘ז, קפֿט.
,,א, ה אַז איך בּין אַ בּיסעלע קאַרג פֿאַרוואָס

, .

זאָל איך אַוועקגעבן... מײַנע טײַערע, גלוסטיקע קלינגערס?„, א. מאָרגענשטערן, עגל הזה, וואַרשע 1898.

--

א, ויציב — [... וועיאַציוו] >קריאת־שמע <ברכות, יא/ב; תּמיד, ה/א. 'ריכטיק און זיכער', געוויס און פֿעסטגעשטעלט. נאָמען און אָנהייב פֿון אַ ברכה, וואָס מע זאָגט צו שחרית נאָך דער פּרשה פֿון ציצית [שליסט אָפּ די דרײַ פּרשות פֿון קריאת־שמע: דבָרים יד, 4 — 9; דברים, יא, 13 — 21; במדבּר, טו, 37 — 41 (קבלת מלכות שמים ועול מצוות); די זעכצן סינאָנימען מיט די פּופֿצן וואָוון איינער נאָכן אַנדערן (א, ו, ונכון וקיים...) זײַנען מרמז אויף די זעכצן פּסוקים פֿון אַל מלך נאמן בּיז 'כּימי השמים על האַרץ']. געניצט אין אַרשיידענע סיטואַציעס צו בּאַצייכענען אַן אַבסאָלוטע זיכערקייט, אָן שום ספֿק. א, ו, — געוויס [קאַל ווב]. „די ווערטער וואָס מיר האָבן געשריבן זײַנען א, ו'", נוצ, יט/א.

געניצט אָפֿט איר. "יאָ, ס'איז א, ו', מע קען

אויף דעם שטעלן אַ קלויסטער". אין פֿוול,
צווישן חדר־ייִנגלעך: "א, ו, ווי מײַן (דײַן)
טאַטע איז אַ קצבֿ"; „די מעשׂה איז א, ו',
לייבעלע קצבֿ, ונאמר אָמן„.

א, וצדק — [... וואָצע'דעק] >פֿון די
ברכות בײַ ה▯טורה 'שכּל ד▯ריו א, וצ'..
>לויט תּהליס, פּה, 12. 'ערלעכקייט און
גערעכטיקייט,. "זאָגן אַזעלכע רייד וואָס זײַנען
א, ו„,; „אַז אַ ייִד זאָגט אַ וואָרט, דאַרף בײַ
אים זײַן וואָרט הייליק זײַן, א, ו,", ספֿר שבֿחי
רמ"ל, לעמבערג, יאָר? „וואָס דער
קאָרעספּאָנדענט... האָט געשריבן איבער אונדזער שטאָט
איז א, ו'", קמ, 30 1866, No. אויך: א, און
צדק — פֿירן אַ קאַמף פֿאַר א, און צ'. „צו פֿיל
א, און צ, איז אָפּטמאָל עלול צו דערפֿירן...
ניט צום א, און ניט צום צ'", אפֿא, טמז,
.XI 19▯4 30

א, בשר — [... קאָשער] 1. כּשר
בתכלית־הכּשרות. כּשר אַפֿילו למהדרין מן
המהדרין. געניצט ווי אַ שילד אויף אַ יאַטקע: א, כּ,־
פֿלייש. 2. כּשר פֿאַרדינט. „איך האָב קיינעם
ניט באַרויבט... קיינעם ניט באַטריגט. מײַנע
געלט איז א, כּ'", שמו פּלאי, ספֿר האמת
והשלוס, לעמבערג 1893. "אַן א, כּ,

נשמהלעמפּל אין... אָרון־קודש,,, פּרץ, ליטעראַטור און לעבּ1.
אַמתלא — [אַמאַ'סלע] די, ־אות [אַמאַסלעס (אַמאַסלאָעס)]. <גיטין, ט, ט. אויסרייד, תּירוץ. פֿאַרענטפֿער(ונג). "אַזוי ווי זיי וואָלטן דאַרפֿן זוכן אַן אַ, צו זייערע רשעות צו ייִדן. די אַלע אַ'אות — דאָס איז נאָר לפּנים", ייִפֿאָל, 1890, No l, בּײַלאַגע.
אַ, בּעלמא — [... בּייאַלמע] סתּם אַ תּירוץ, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אויסגעטראַכטער, צוגעטראַכטער. "דער תּירוץ אַז דער שידוך איז בּטל געוואָרן מחמת יחוס איז אַן אַ, בּ'".

3

אמת לאמתו — [עמעס לאַאַמיטוי] תּח.
<שבּת, י▯א. ,דער א, אין זײַן אמתדיקייט, (דער א, ווי ער איז), ד,,ה ריינער, ריכטיקער, אמתער, עכטער א'. ,,בּײַ חסידות אַז מע האַלט ניט דעם א, ל, איז ניט קיין חסידות", לדבּ, נ"י 1957, מח.
אמת מאַרץ תצמה — [... מייערעץ טיצמאָך] זאַץ תּח. <תּהלים, פּה, 12. ,אמת

שפּראָצט פֿון דער ערד,, תּי. געניצט מיטן בּ:
מע קען דעם א, ניט בּאַהאַלטן, מע קען אים
ניט פֿאַרגראָבּן — ער וועט זיך אַרויסווײַזן.
איר. ,,א, מ, ת, ארוואס? ווײַל דער אמת

— —

ליגט אין דער ערד“. ,,פֿאַרוואָס ליגט דער אמת
אין דער ערד. אַ בּפֿירושער פֿסוק: א, מ, ת',,.

,,א, מ, ת, — אַז מע וועט בּאַגראָבּן דעם
שקר, וועט אַרויסוואַקסן דער אמת“; ,,א, מ,
ת, — אמת איז אין ארץ־ישׂראל“, שוו. בּײַ
קאָצקער חסידים: “אמת מקאָצק תּצמח“ [קאָצק
בּגימטריא: ארץ = 291]. בּײַ קאָלאָניסטן אין
דרום־רוסלאַנד: ,,ייִדן דאַרפֿן זיך בּאַזעצן אויף
דער ערד, ווײַל א, מ, תּ',,.

מע שטעלט אויס די ווערטער אַזוי, אַז מע זאָל
זיי קענען לייענען ניט נאָר האָריזאָנטאַל, נאָר
אויך ווערטיקאַל.

אמתן — [עמעסן] אוטוו. אמת, געאמתט. נעאָל. זאָגן דעם אמת. „וואָס וואָלט געווען ווען זאָגן דעם אמת וועגן זיך בּרעכט אויס מיטאַמאָל, און אַלע הייבּן אָן צו א'?", צײַט, טמז, 14 1969 III.

א"נ — ר"ת פֿון: אונטערן נאָמען ←, 755; אינו נראה ▯I.; איש נאמן ▯.

אָ"נ — ר"ת פֿון: אָ'דון נ'כבּד [חשובֿער האַר. געניצט אין בּריוו].

אַנ־ — פּרעפֿיקס אין אינטערנאַציאָנאַליזמען פֿון גריכיש און לאַטײַן מיטן בּ: ניט־ אומ־, אָנ־ — א) אין ווערטער וואָס אָן דעם פּרעפֿיקס זײַנען זיי אין ייִדיש ניט בּנמצא (למשל: אַנאַרכיע) און בּ) אין ווערטער וואָס זײַנען נאַטירלעך אין ייִדיש אָן דעם פּרעפֿיקס (למשל: אַנעלעקטריש, אַנאַסטיגמאַטיש). די ווערטער פֿון דער צווייטער קאַטעגאָריע ווערן ווײַטער ניט אויסגערעכנט.

אָנ־ — פּרעפֿיקס אין אַדיעקטיוון, ס'רובֿ נעאָלאָגיזמען, געשאַפֿן לויט סל מוסטער מיט ,־ ▯be ־6e3. דוגמאָות: אָנאָפֿלייגיק, אָנבּלעטערדיק, אָנרחמנותדיק, אָנשׂכלדיק.

אַן — אומבאַשטימטער אַרטיקל קומט אַנשטאָט
אַ (.. 1) פֿאַר אַ וואָקאַל און אַ דיפֿטאָנג. אַן
עפּל, אַן אמת, אַן אבֿן־טוב; אַן עבֿירה, אַן

אָן

עזות־פּנים, אַן אַנדערער. אַן אָוונט. אַן
אָפּגעקומענער, אַן אָדם־גדול. אַן אוממענטש, אַן
אוקאַז. אַן איספּראַווניק. אַן ענין. אַן
איבערקלײַבער, אַן אינטימער (פֿרײַנד). אַן איי, אַן
עסק. אַן אײַזן, אַן אײַלעניש. אַן אויג, אַן
אויפֿגעקלערטער. „אַן אַכטל פֿון אַן אַכטל גאווה
דאַרף (מעג) אַ תּלמיד־חכם פֿאַרמאָגן„; „אַן
אָרעמאַן איז ווי אַ לעכערדיקער זאַק„; „אַן
עושר האָט ניט קיין יושר„; „אַן אײַנשפּאָרער
איז בעסער ווי אָ פֿאַרדינער„; „אַן אייניקל האָט
מען ליבער ווי אַן אייגן קינד„, שוו. [<אַן
אָל אַ נאָל].

אָן — אַדוו. דזוו אָט (←, 856) ב1. אָן שטייט
ער. אָן דאָרטן. „אָן זיצט זי דאָרט, מײַן
טאָכטער„, ממוס, 'בישיבֿה של מעלה'. „דו זעסט?
אָן איז זי, אָן שטייט זי“, שע, סטעמפּעניו

“אָן זעט איר, עס טראָגט זיך אַ פֿויגל פֿאַרבײַ„,,
אַר. ,,אָט איז דער עמער און אָן איז דער
בּרונען,,, מ. י. שעליובּסקי. “... האָט איר געזען
אונדזער קייזערלעכן כּתבֿ, אָן איז ער! קוקט!
אָן! איר זעט?“, ח“י בּ־ר איבּז, סקיטאַלעץ,
פֿעלד־געריכט, וואַרשע 1907.
אָן — [לאַנגע ו, פּד; ו, אוקר] פּרעפּ.: Mhd
n פֿ, ו][. אין עלטערן אויסלייג אויך: אָהן.
האָט נעגאַטיוון בּאַטײַט, ווײַזט אַז עס פֿעלט,
ס'איז ניטאָ דאָס צו וואָס די פּרעפּ בּאַציט זיך.
היפּוך פֿון מ י ט. אַ צאָל אָפֿטע פֿאַלן: אָן
אַן אויסנעם (יוצא־מן־הכּלל), אָן אַן אויפֿהער
(איבּעררײַס, איבּערבּראָך אע), אָן אַן
אונטערשייד, אָן אַ בּרעג (גרענעץ אע), אָן אַ גאַל ←,
אָן געלט (מיטלען, פּרנסה אע), אָן אַ דאַך
(איבּערן קאָפּ), אָן אַ דנאָ ←, אָן אַ דרך (פּלאַן,
סיסטעם אע), אָן אַ האַנט (פֿוס, אויג אָדער
אַן אַנדער גליד), אָן אַ וועקסל (טראַטע,
גאַראַנטיע אע), אָן זאַלץ (פֿעפֿער אע), אָן אַ זי
נ(ען) ., אָן חכמות (שפּיצלעך, המצאָות אע),
אָן (אַ) חשבּון (רעכענונג אע), אָן חשק, אָן אַ
טעם, אָן ייִדן, אָן אַ כּוונה (ציל), אָן לשון (
איבּעריקע רייד, ווערטער, אָן מליצה אע), אָן אַ

מאָס, אָן אַ מום (פֿעלער אע), אָן מיר (דיר אאַזוו), אָן נחת, אָן אַ סוף (עק, ענד), אַן אַ סיבּה (גרונט), אָן אַן ערך □, אָן אַ פּנים (מראה) ←, אָן אַ פֿאַרוואָס ←, אָן אַ צאָל ←, אָן אַ קאָפּ ←, אָן אַ רבּין (מלמד, רבֿ אע), אָן אַ שיעור ←, אָן אַ תּשובֿה (ענטפֿער, תּירוץ).

מיט צוויי אָ נ ע ן: אָן האַרץ און אָן נשמה, (געמאַכט) אָן הענט און אָן פֿיס, (אַוועק) אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג, אָן זאַלץ און אָן שמאַלץ, אָן אַ טעם און אָן אַ ריח (ראַם, גראַם), אַן כּוח און אָן מוח, אָן לײַבּ און אָן לעכּן, אָן אַ סוף און אָן אַן עק (אויך אין פֿאַרקערטן סדר), אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַר־ווען, אָן ציינער און אָן בּיינער (אויך אין פֿאַרקערטן סדר), אָן אַ קינד און אָן אַ רינד, אָן שבּתים און אָן יומטובֿים, אָן תּורה און אָן חכמה.

אָן דיר און אָן ה אָ פּ ן = איר, מע וועט

□

אויסקומען אָן דיר. „וואַס בּלאָזסטו זיך? אָן דיר... וועט אפֿשר די חתונה ניט קענען זײַן?“,

אָן

רייד (ווילנע). *אַ פֿלאַש אָן אַ ק אָ ר(י) ק = אַן
אויסבּרענגער (סאָניק). *נאָר אָן פֿ י נ ג ע ר =
גיט די ריכטיקע וואָג, לייגט ניט צו קיין
פֿינגער צו דער וואָגשאָל. *אָן מיר, איך בין אַ
בחור (אַ כהן) = שפּאַסיק, בײַם ווען אַרויס
דרייען זיך. *ווי מיט דעם אַזוי אָן דעם = עס
איז ניט וויכטיק, עס שפּילט ניט קיין ראָלע.
— „אַ בער אָן אַן עק, די מעשׂה איז אַוועק,,
לעצטער זאַץ בײַם דערציילן אַ קינדער־מעשׂה.
פֿפֿ: „איך אָן דיר און דו אָן מיר איז ווי
אַ קל אַמקע אָן אַ טיר“ פֿל [דערפֿון: ער אָן
איר איז ווי...]; אַוועק ווי אַ בער אָן אַן עק.
*אַוועק (זײַן, אַרומגיין אע) ווי אָן זיך —
— פֿאַר —
לוירן, נידערגעשלאָגן, צעטומלט. ווי אָן אַ קאָפּ.
*טרינקען ווי אָן זיך = אָן אַ מאָס. זײַן אָן דעם
ווי אָן אַ האַנט. זײַן (בלײַבּן) ווי אַן אינדיק אָן
אַ פּיק,... בלעטער אָן אַ טאָרבע,... אַ
געהעפֿט אָן אַ צאַם,... דאָרף אָן אַ הונט,... אַ
האָן אָן אַ קאַם,... הונט אָן אַן עק (ווײַדל),
... אויפֿן וואַסער,... זרח אויפֿן יריד [= אָן
סחורה און אָן געלט]'... חזן אָן אַ קול
(קאַמערטאָן),... אַ חסיד אָן אַ צדיק,... חתונה

אָן קלעזמער,... טוֹען אָן אַ טענה,... ייִדענע
אָן אַ צאינה־וראינה (תּחינה),... מויז אָן אַ
לאָך,... סאַרוועראָן אַ שׂמחה (חתונה),
... פּאַסטעך אָן אַ פַּײַפֿל פֿידל אָן אַ
—
...,
סמיטשיק,... צאַפּ אָן ציגן,... קלויסטער אָן
אַ גלאָק,... רבֿ אָן אַ רבֿיצין (שטאָט),... שאָף
אָן אַ פּאַסטעך,... שטובֿ אָן אַ דאַך,...
שייגעץ אָן אַ פַּײַפֿל,... שמײַסער אָן אַ בײַטשל,
... שׂמחת־תּורה אָן בראַנפֿן. „ס'איז פֿרײַטיק,
ס אִיז פֿרײַטיק, דער תּחת איז צײַטיק! לייגט
אײַך אויף די קני, וועל איך שמײַסן אָן מי„, קל.
שוו: „אָן אייער און אָן שמאַלץ קען מען קיין
פּרעזשעניצע ניט מאַכן“; „אַ בײַטל אָן געלט
איז נאָר אַ שטיק לעדער„; „אָן געלט איז קיין
וועלט„; „אַ ייִד אָן אַ פּעקל איז גאָרניט פֿאַראַן„;
„אָן פֿײַער איז ניטאָ קיין רויך„; „אַ רבֿ אָן אַ
רבֿיצין איז אַ האַלבע מעשׂה„; „מיט אַ ווײַבֿ
איז מען אָן אַ קאָפּ, אָן אַ ווײַבֿ איז מען אָן
אַ האַנט„; „אָן קמח איז ניטאָ קיין קליסקעס
(קליוסקעס)“; „בעסער אַ בער אָן אַן עק איידער
אַן עק אָן אַ בער„; “בעסער אַ ייִד אָן אַ באָרד
איידער אַ באָרד אָן אַ ייִד(ן)„; „דער ים איז אָן
אַ גרונט און ייִדישע צרות אָן אַ ברעג“; „אַ

חזן אָן אַ קול איז ווי אַ שאָף אָן וואָל„; „אַז מע לעבּט אָן חשבּון, שטאַרבּט מען אָן ווידוי (תּכריכים)“; „אַ ספֿר אָן אַ הקדמה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה„; “אַ קינד אָן אַ מאַמקע איז ווי אַ טיר אָן אַ קל אַמקע“; „שבּת אָן אַ קוגל
,
איז ווי אַ פֿויגל אָן פֿליגל“.

„אַ מענטש אָן חבֿרים איז ווי די לינקע האַנט אָן דער רעכטער„, איבּז, שלמה אבּן גבֿירול [טמז, 22 XI 1964]. „אַן עבֿירה וועט אײַך שוין ניט בּאַקומען... דאָס וועט זײַן אָן הענט און אָן פֿיס“, ר, נחמן בּראַצלעווער [צײַט, טמז, 9 I 1965 □]. „אָן לשון־קודש וואָלט ניט געווען אַזאַ ייִדישער ייִדיש“, ימ. “זאָגט אונש און אלן האשׂ„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 1302. „הײשׂ אין און זורגן זײַן“, בּבֿא־בּוך, 61. „דיא לײַט, דיא

דא היא וואונן אָן חזקה„, תּקק. „די מלאָכים האָט הקבּ„ה בּישאַפֿן אָן פֿלייש אונ, אָן בּלוט„, לט1, א/1. “אַ צעבּײַלטער אָן כּוחות, אָן מוחות“, אמד, מאָטקע אונ הערשקע, ווילנע 1873. „אומגעזײַערט בּרויט... אָן שמאַלץ און זאַלץ,

אָן אייער'... אָן פֿעפֿער,,, ארז, קמ, 1866, No 11. ,,אין אמת אַרײַן — אָן תּורה, אָן חכמה, אָן וויסנשאַפֿט,,, שע, 'טײַבעלע'.

אָן צו — מיט אָן אינפֿיניטיוו, אַנשטאָט

ניט + גערונדיוו. אַרכ. <ד .טש. ,,געגנטפֿערט אָן צו טראַכטן,, —... ניט טראַכטנדיק. "על כּן קאַן איך ניט אונטר לאָזן אַן צו שרײַבן פֿון דער גרושׂי (עבֿירה)..."., עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק,,ח. אין פֿטמ ייִדיש איז דאָ און דאָרט פֿאַרבליבן די קאָנסטרוקציע אָ ן צ ו: ,,אָן לאַנג צו בריַיען מאַך איך עס בקיצור,,.

אָן — פּרעפּ (1 .Mhd: an(e. האָט אַן אָ ר טבאַטײַט, ווײַזט אויף אַ דרויסנדיקן אָנריר, אויף אַ צונויפֿקום פֿון צוויי זאַכן. זיך אָנהאַלטן, זיך אָנשפּאַרן, זיך אָנכאַפּן אע אָן עפּעס. זיך אָנשלאָגן איינע אָן די אַנדערע. זיך האַלטן אָן דער מאַמעס (ווײַבס) פֿאַרטעך. זיך אָנרירן אָן דער קאַלטער וואַנט. זיך אָנשלאָגן אָן שטענדער. קלאַפּן איין פֿוס אָן אַנדערן. זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. רײַבן אַ שטיין אָן אַ שטיין.

רײַבן זיך אַ פּלייצע (תּחת) אָן אַ פּלייצע (תּחת) [ווען עס איז זייער ענג]. ,,אַ מעסער שאַרט

זיך אָן אַ מעסער,,; ,,אַז מע רײַבט זיך אָן אַ נגיד, רײַבט מען זיך אויס אַ לאָך“, שוו. ,,בוקן זיך מודים ביז אָן [= צו] דער ערד,,, גענאַרטע וועלט, 1815? ,,האָט מײַן טאַטע אָן [= אויף, איבער] אים אַ גאַנץ בענקל צעבראָכן,,, ב. בעקערמאַן, דער יודישער שפּיעגעל, זב, וואַרשע 1895 פֿאַרציטערט געוואָרן, עס האָט אים גע. ,, —

קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, אַ קני אָן אַ קני,,,

מחה ברייטמאַן, די געשיכטע פֿון אַ לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. ,,אָן אַלע מוז מען זיך אָפּרײַבן,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. ,,געשלאָגן ווי אַ ברעט אָן די כוואַליעס“, אַש, וואַרשע. ,,דרימלט, מיטן קעפּל אָנגעשפּאַרט אָן סלאָי,,, קוו. ,,רײַסן זיך פֿון זייערע ערטער... שלאָגן זיך איינע אָן די אַנדערע“, הל, 'דער וואָלף'. פֿיג. ,,אום יעדן פּרײַז זיך האַלטן אָן דינסטן קלאַנג, אָן מינדסטן אות־געפֿלעבט“, הל, לידער פֿון גן־עדן. ,,האָט אָן מולד דײַנע האָפֿענונגען אָנגעהאַנגען,,, א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט. [כּדי אויסצומײַדן אַ פּלאָנטער מיט אַן אַנדער אָן (← דפֿוו) ווערט אָן אין אַ צאָל פּר, אוקר פֿאַרביטן אויף א י ן.] כּדי צו ווײַזן בלויז די ריכטונג, ווערט אויך גענוצט אָן. קוקן

(זיךווענדן, זיך קערן אע) אָן אַ זײַט. „ווען די כּלה איז אויף דער צײַט, קוקן די מחותּנים אָן אַ זײַט„, שוו. „זיך איבערגעקײַקלט און געבליבן ליגן אָן אַ זײַט פֿון פֿײַער„, אָפּאַ, לינטשערײַ'.

2. אַרכ. האָט אַ צ ײַ ט־באַטײַט [אַרויסרייד מסתּמא: אַן]. דזוו אום (◻I. אום, ב1, 509), אין. „אודות החטאים דאשׂ גישעהן זײַן אַן חג שׂמחת־התּורה תּע„ה [1714]“, גה, 333. „חאט גיזונגין דבֿורה... אַן דעם זעלביגן טאָג„,

אָן

סהמ, שופֿטים, ה, 1. „אַן ערבֿ פּסח נאָך דער מיטאָג שטונד זאָל קיינר קיין חמץ מער האבן אין זײַן מונד„, ספֿר המנהגים◻ אַמשט 1723, שער־בלאַט/ב. „גווארנט צו זײַן אַן שבת קיין קליין קינד ניט צו נעמן אויף די שויס, ביז...„, עח, מז/ג.

3. קומט נאָך די ווערבן: ד ע ר מ אָ נ ע ן , ד ע ר מ אָ נ ע ן ז י ך פֿ אַ ר ג ע ס ן , ג ע ד ע נ,

ק ע ן , ד ע ר ק ע נ ע ן און ווײַזט אָן אויף דעם אַנדערשדיקן ב לגבי דעם אַקוזאַטיוו: איך

האָבּ עס ניט פֿאַרגעסן — איך האָבּ אָן דעם ניט פֿאַרגעסן; ער האָט זיך דערמאָנט די לעקציע — ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער לעקציע [דער אַקוזאַטיוו ווײַזט אַז דער ווערבּ גייט אַריבּער אויף דעם גאַנצן אָבּיעקט.] אָ ן ווײַזט אויף אַ שײַכות, כּמעט דזוו: בּ נ ו ג ע , ל ג בּ י , וו ע ג ן , ל ו י ט. „אַן אייזל דערקענט מען אָן די לאַנגע אויערן, אַ נאַר אָן דער לאַנגער צונ'; „אָן די גרויע האָר דערקענט מען די יאָר„; „דערקען דאָס גלעקל אָן דעם קלאַנג און דאָס פֿיקסל אָן דעם גאַנג", שוו. „ אַוועקפֿאָרן און פֿאַרגעסן אָן אַלץ און אַלעמען“. „זאָלסט זיך ניט דערוועגן אָן דעם קעלבּל צו געדענקען„, עט, משלים. „האָט גאָרניט געדענקט אָן דעם“, קמ, 10 1866, No. „וויל איך דיר, רבּונו־של־עולם, אָן ליטוואַק מיטן פֿערדל דערמאָנען„, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. “זיי האָבּן אָן די אַלטע מאַמעס נישט פֿאַרגעסן“, אַש, מענטשן און געטער.'

אָ ן קען קומען אויך נאָך ווערבּן וואָס קענען בּאַטראַכט ווערן ווי סינאָנימען צו די פֿריִער דערמאָנטע, למשל: אָ נ ז ע ן , בּ אַ מ ע ר ק ן , וו ע נ ד ן ז י ך , ט ר אַ כ ט ן. „מע קען אָן אים אָנזען אַז ער שטאַמט פֿון אַן איידעלער

משפּחה,,, רייד (עלטערער ייִד פֿון רײַסן). ,,מע באַמערקט שוין אָן איר אַז זי איז אויף דער צײַט,,, רייד (ליטע). ,,מיר גיפֿינדן אין אַגדות דשׂ הקבּ״ה האָט גישטראָפֿט דיא לבָנה דאז זי האָט גירעט ניט רעכט אַן דער זון״, בּראַנט, פּרק יג. דאָס ווענדט זיך אָן [— פֿון] אים. ״ער

ט ר אַ כ ט , טראַכט אָן חנצען און גיט זיך דאָס וואָרט...״, ממוס, ווינטשפֿ.

פֿ אַ ר ד י נ ע ן אָן אים (אָן וואַלד) אַ הונדערטער = אין אַ געשעפֿט, מסחר מיטן אַרטיקל אָדער מיטן סוחר. פֿ אַ ר ד י נ ע ן אָן [= צוליבֿ, איבּער] עמעצן אַ מצווה [= אים העלפֿן]. שפּאַסיק: ,,האָסט פֿאַרדינט אָן אים אַ מצווה — אים אָנגעבּראָכן די בּיינער. אויך: זיך נ ו ק ם ז ײַ ן (נקמה נעמען) אָן עמעצן. ,,... האָבּן אָן זיי דערלעבּט אַ נקמה,,, דער דיבּוק..., לעמבּערג 1899.

אויך נאָך: ל ייִ ק ע נ ע ן , פֿ ע ל ש ן. ״ער האָט פֿאַרלייקנט אָן גאָט״, יענטע בּת יצחק, ע▯רת הדבּרות בּיכל, אָנהייבּ 19. י״ה. ,,... אויבּ דו וועסט פֿעלשן אָן מיר,,, תּי, בּראשית, כא, 23. אויך נאָך ג ל ייִ בּ ן. ״און, זייא זאָלן

גלויבן אַן גאָט ב״ה מיט אירן גאַנצן האַרצן״, תּחנות ובקשות, ויהרנפֿורט 1798, יב/ב [איבערדרוק ווילנע 1858]. ״די לײַט גלייבן זייער אָן אים״, חײַקל הורוויץ צפֿנת פּענח,

באַראָן

דיטשעוו 1817. ,,וויי־וויי, און איר אַליין גלייבט יאָ אָן אַ טבֿע? — איך נישט״, געגנאַרטע וועלט, 1815? אַרכ נאָך ר ע כ ן: ,,איך וויל אוייך אַן אים רעכן״, שמואל־בוך, סטראָפֿע 1183. [נאָך נוקם זײַן, לייקענען, פֿעלשן, גלייבן — ווערט אָן נר פֿאַרבײַטן מיט אין]. ארכ אויך

,

נאָך פּ ר ע ג ן. ,,זי פֿרעגטין... דורך אורים ותומים אַן גאָט...״, סהמ, שופֿטים, א, 1. אַרכ אויך אין פֿאַרבינדונג מיט פֿ ע ל ן. ״איינן פֿעהלט עז אַן געלד, דען אַנדרן אַן איין גוטן שרײַב מײַנשטר״, י מאָרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל״ד.

4. אַרכ. אַנשטאָט דעם שפּעטערדיקן צ ו.

״איין בריבֿליין אַך אַן דיר דאַרינן״, 'דריי בריוו פֿון קראָקע', 1630 [ח. שמערוק אין ספֿר היובֿל ליצחק בער, ירושלים תשכ„א]. „מן זאָל רודרין אום צו קומן אַן לנד״, שאַר, ג/ב. ״זאָלט איר דיר חכמה ניט איבר געבן אַן לייטין דיא איהרי מעלה ניט פֿר שטיאן״, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תצ״ט. ״אַזו ציהט דיא נשמה דען גוף אַן זיך אַלש איין מאַגנעט״, עפּש, דרך הישר לעולם הבא פֿדמ תמ״ה? אויך ב י ז

א ן , אַנשטאָט ב י ז צ ו. „איין גרושי (שׂריפֿה)... אין פֿראַנקפֿורט פֿון דשׂ (כית

.

הכנסת) ביז אַן אובר טאָר״, שאַר, קכה. אויך אַנשטאַט דעם ד אַ ט י וו. ״וועןאיין אטר טוט גוטשׂ אַן זיין קינד״, חה, אַמשט 1716, מד/ב.

5. ארכ אַנשטאָט דעם שפּעטערדיקן ב יי.
״די סופֿרים זאָלין נזהר זיין ביותר אַן אירן שרייַבן״, תּקק „דשׂ שווערט דשׂ דער הייד אַן זיינר זייטן טרוג...״, שמואל־בוך, סטראָע 225. ״הט זיך גזעצט אַן איינם ברונן און, הוט זיך אויש גיצאָגן און, הוט גירואט״, בראַנט,

פּרק יג. "ווען זיא פֿרעמדי לײַט האָט זיצן אַן טיש", לט1, נה/ב. „רות איז געבּליבּן אָן דער ייִדישער אמונה", נוצ, מד/ב.

6. אַרכ אַנשטאָט די שפּעטערדיקע אויף, אין, מיט. „דם צו ור שטילן — שרײַבּ אים אַן די שטירן [= אויפֿן שטערן] אופּילה", כּ"י 474ו. „עז זול זײַן ליכט אַן שפּרייטונג דשׂ הימל [= אין אויסשפּרייט פֿון הימל]", טח, בּראשית, א, 14. „איך האבּ עטליכי בּיזי מעשׂים אַן מיר [= אויף זיך]", מחזור שלש רגלים, ח"ב, אַמשט 1713. „ער זאָל מיך אויך פּרייען אָן [מיט] אײַך", סהמ, שופּטים, ט, 19. "ווינש דיר זאָלסט אַל צײַט שׂמחות אַן אים זעהן", יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא 1774. „איין מעשׂה געשאַך אַן [= מיט] איין שׂר", צאינה, בּראשית, „שלעכטע הרהורים וואָס ער האָט אָן [= אין] זיך", פּוקח עוריס, שקלאָוו 1832. „האָט אָן [= אויף] זיך דעם דין ווי אַ שומר שׂכר", שהמ, לג/א.

7. אַרכ אַנשטאָט דעם אַקוזאַטיוו און אַנדערע קאָנסטרוקציעס. "מיט לנגי טעג זעט [= זעטיק] איך אין [= אים] אונ, איך ווײַז אים אַן מײַנער הילף [תּי. „ועל ווײַזן מײַן הילף"]", סהמ, תּהלים, צא, 16. "פֿיל לײַכט ווארדן זיא

ביגעגנן אַן מיר [= מיך] צו טויטן", יוסיפֿון, אַמשט 1661. "און, מאַך דײַן חכמה ניט ביקענט

142()

און, לערן זיא אַן קיינם", חה, אַמשט 1716, צט/א. "אָן מיר זאָלשטו לויבן פֿרי און שפּעט",, יענטע בת יצחק, ע״רת הדברות ביכל, אָנהייב 19. י,,ה. ,,אָן די עצות פֿון דײַן באַשעפֿער האָסטו געטאָן פֿאַרמיאוסן", ישרי לבֿ, ווילנא והורודנא תקע"ט. ,,גיב מיר אַן מײַנם האַרצן צו דינן דיך מיט ליבשאַפֿט", תחנות ובֿקשות, דיהרנפֿורט 1798 [איבערדרוק ווילנע 1858]. ,,בעשׂר איך שטערב אַזו אַן דאָרשט", מבֿ, מעשׂה עז. אָן אַנשטאָט א ו י ף געבליבן אין שוו: "אָן דעם איז קיין ברכה וואָס רעדט אויף זײַן משפּחה" (קורלאַנד, זאַמעט).

אָן — צוו סלענג (ספּעצ בײַ קצבֿים). איינס, איין. ,,אָט האָסטו: אַן, צאָי, דײַע" [= איינס, צוויי, דר״].

אָן — קאָנווערב (פֿאַרבונדן אין אינפֿ און פּאָר, באַזונדער און נאָכן שטאַם אין אימפּ און איצ). Mhd: an־. גיט צו פֿאַרשיידענע באַטײַטן דעם שטאַם פֿון ווערב און אָפֿט אויך בײַ דעם

זעלביקן ווערב מיט אַ צאָל בבֿ. די אָפֿטסטע זײַנען:
1. ווײַזט אויף פֿאַרענדיקן, אינגאַנצן דורכפֿירן
וואָס עס איז נייטיק, וואָס מע נעמט זיך
אונטער צו טאָן, למשל: אָנבלאָזן, אָנזייגן, אָניאָגן,
אָנציילן, אָנציִען (אַ שטריק), אָנצייכענען,
אָנקומען, אָנקלײַבן, אָנשאַרפֿן, אָנשלאָגן אאזוו.
2. ווײַזט אַז די טואונג הייבט זיך ערשט אָן,
אָדער אַז די אַרבעט איז דורכגעפֿירט נאָר אַ
ביסל, אויף דער אייבערפֿלאַך אָדער אויבנאויף,
למשל: אָנבייגן, אָנברענען, אָנוואַשן, אָנווײַסן,
אָנזאַפּן, אָנפּאַרען, אָנקוקן, אָנשלײַפֿן, אָנשמירן,
אָנשמעקן אאַזוו. 3. ווײַזט אויף אַ סך, אויף
אַ גרעסערער צאָל (אויך מער ווי מע באַדאַרף),
למשל: אָנבאַקן, אָנברענגען, אָנגנבֿענען,
אָנהאָדעווען, אָנווינטשן, אָנטראָגן, אָנמאַכן [—
אָנ ---
אַרבעטן], אָנקאָכן, אָנקויפֿן, אָנשפּאַלטן אאזוו
4. מיט אַן אָרט־באַטײַט און ווײַזט אויף אַן
אָנריר פֿון עפּעס אויף עפּעס, למשל: אָנבינדן,
אָנהאַלטן, אָנהענגען, אָנטאַפּן, אָנטשעפּען,
אָנכאַפּן, אָנפּעסטיקן, אָנשפּאַרן, אָנשרויפֿן אאַזוו.
5. מיט אַן אָרט־באַטײַט און ווײַזט אַז איינס
קומט אויף דאָס אַנדערע, מיט בבֿ — א ו י ף ,
אַ ר ו י ף , למשל: אָנבויען, אָנזאָטלען, אָנלאָדן,

אָנלייגן, אָנגייען, אָנקאַפּען, אָנקלייען, אָנשטעלן אאַזוו. 6. קען אינגאַנצן בײַטן דעם באַטײַט לגבי דעם באַטײַט פֿין שטאַם, למשל: אָנגיין (דאָס וועט ניט...), אָנגעבן [= מעלדן], אָנהייבן, אָנזעצן, אָנטאָן, אָנמאַכן [= פֿארברודיקן], אָנפֿאַלן, אָנפֿאַנגען, אָנפֿײַפֿן, אָנציִען (עמעצן), אָנקומען (צו עמעצן נאָך הילף), אָנשטיין אאזוו. 7. מיט ז י ך — קען האָבן גאָר אַן אַנדער באַטײַט ווי דער ווערב אָן זיך, למשל: אָנבלאָזן זיך, אָנזעצן זיך, אָנכאַפּן זיך, אָנלייגן זיך, אָנעסן זיך, אָנצאַצקען זיך, אָנצינדן זיך, אָנקוועלן זיך, אָנשלאָגן זיך אאַ. 8. מיט ז י ך — וועו ס'פֿעלט דער ווערב אָן ז י ך. אָנבייזערן זיך, אָנלײַדן זיך, אָנריכטן זיך, אָנשטיפֿן זיך, אָנשלאָפֿן זיך, אָנשפּיגלען זיך אאַ.

די אַנדערע בבֿ און די קאָמבינאַציעס פֿון באַטײַטן זען בײַ די ווײַטערדיקע ווערבן.

אַנאָ אַמינאָ טעמא

אָן — קאַניונקציע. שפּאַסיק אַנשטאָט א ו ן. „פּי־פּי־פּי, דער טאַטע איז געפֿאָרן אין ווילקי. וואָס וועט ער ברענגען? מילך פֿון קי. ווער ט□עס

טרינקען? איך אָן ער, שוויגער אָן שווער. יאָסע
דער הויכער, מיישקע דער קליינער האָט
אויסגעפֿאָרצענע ציינער", קל.
... אָן — צווייטער טייל פֿון צונויפֿגעזעצטער
פּרעפּ פֿ ו ן... אָ ן , וואָס צוזאַמען מיטן
וואָרט צווישן די ביידע טיילן ווערט פֿון דעם אַ
צײַט־באשטימונג פֿון איצט (הײַנט, נעכטן,
—
.
מאָרגן) אָן פֿון פֿאַראַיאָרן אָן פֿון לאַנג אָן.

. .
פֿון זײַן קינדהייט (יוגנט) אָן. אָפּט מיטן צוגאָב:
א ו ן ו ו ײַ ט ע ר פֿון דען מאָל אַן אונ,
. „
ווײַטר האָט הקדוש ב"ה גיזעצט דען טאָג צו
ריכטן אַלי בשעפֿניס", מחזור ר"ה ויו"כ,
הומבורג 1721 פֿון דער צײַט אָן האָט ער
„ .
באַשטענדיק געלעבט אין טרויער", איבז, ספּורי
נפֿלאות, לבֿוב 1850. "די מורא פֿאַר רוחות
איז... אײַנגעוואָרצלט פֿון געכוירן אָן",
ממוס, אַ סגולה פֿון דער מינוט אָן...

.□. פּ ,,

האָט ער נישט אויפֿגעהערט רעדן", ייִז, קאַר[אָווסקי. "ער קומט צו מיר פֿון ..

ש ט ע נ ד י ק אָן [=תּמיד] אין פֿריילעכסטע מינוטן", א. שומיאַטשער, אין שעהען.... "איך האָב אין דער תּפֿילה פֿון 'ברוך שאָמר אָן

,

און, ווײַטער אײַן גזעצט תּהילים און, מעמדרת און, זונשׂט תּחינות ובֿקשות", עפּש, דרך הישר לעולם הבא פֿפֿדמ, תמ"ה? [דאָ איז מעגלעך

,

אָנצונעמען פֿון — אָן ווי אַן אָרט־באַשטימונג]. זן אַן אָרט־באַשטימונג פֿון דעם הויז אָן איז

. ,,

שוין בני־ברק", רייד (א"י, רמת־גן).

אָנאָ — זוו. <בראשית, נ, 17 אאַ. 'איך בעט דיך'. איידעלער און דרינגלעכער לשון בײַם אויסדריקן אַ פֿאַרלאַנג, אַ בקשה: ,,אָ', זײַט מוחל מײַן בקשה" [געניצט זעלבשטענדיק אין

בריוו; טרעפֿט זיך אויך אין תחינו□]. ,,אָ', איך בעס דיך, גאָט יתברך, שיק מײַן דערנערונג, און דו זאָלסט שפּײַזן מיך און מײַן הויזגעזינד און כּל־ישׂראל מיט נחת־רוח, און ניט מיט צער... אָ', איך בעט דיך", חג, מײַן

מאַמעמ שבתיס.

אַנאַ־ — <גר. פּרעפֿיקס אין

אינטערנאַציאָנאַליזמען וואָס שטאַמען פֿון גריכיש. גיט צו דעם

בּ. אַראָפּ, אַרויף, צוריק. דוגמאָות:

אַנאַבּאַפּטיזם, אַנאַגראַם, אַנאַכראָניזם.

אַנאַ — סופֿיקס ל. פּפּ. —יאַנאַ. אויך. ־אַנע.

. .

-

ווײַזט אויף אַ זאַמלונג, אַ קאָלעקציע (זאַכן,

בּיכער, דאָקומענטן) אויף אַ ספּעציעלן געבּיט.

אַראייניקט מיט אַ נאָמען פֿון אַ מענטשן (דעם

קאָלעקטאָר, דעם נדבֿן). אַמעריקאַנאַ,

וואָלטעראַנאַ, פּרצ אַנע, ראָזענטאַל אַנע.

׳ ׳ ׳

אָן אָ, — אדוו. דזוו אָט דאָ. ,,אָן אָ זיצט ז

- -

אַ פֿאַררויטלטע לעבּן דניאלן“, א. שעכטמאַן,

סאָוו, היימלאַנד, l962, No l. ,,וואָס זעסטו

אָנאָ? זאָג שוין, לאָמיך שוין אַמאָל הערן“, אי.

קיפּנים פֿרייד.

,

אַנאָ אַמינאָ טעמא [... אַמינע טײַמע] זאַץ.

תּח. <ויקרא רבּה, כא/א. ,כ'וועל דיר
בּרענגען אַ ראַיה, [צו דײַנע רייד]. גענוצט צו

בּאַ□אבֿ

קרעפֿטיקן אַן אייגענע אָדער יענעמס אַ סבֿרה,
געדאַנק, מיינונג.

אַ, אַתורה ומצוות קאָ בּכינא —
[... אַטוירע אומיצוועס... בּכינע] זאַץ. תּח
<כּתובות, קג/ב. 'איך וויין אויף דער תּורה
און די מצוות, (וואָס איך וועל ניט קאָנען
מקיים זײַן). אַזוי האָט געזאָגט ר, יהודה
הנשׂיא, מסדר פֿון דער משנה, פֿאַר זײַן פּטירה.
גענוצט אויך מיטן בּ: כ'וויין אויף דעם
בּעלתורה ומצוות (□ס איז נפֿטר געוואָרן).
וו

אַ, בּהאָ סבֿירא בּהאָ — [... בּייהאָ
סווירע קעהאָ] זאַץ. תּח. <פּסחים, קג/ב: אַ,
כּהאַ ס, לי. 'אין דעם פֿרט איז מיר וואויל
געפֿעלן גראָד אַזוי, (ווי יענער). גענוצט ווען
אַ דריטער מישט זיך אַרײַן אין אַ וויכּוח צווישן
צוויי.

אַ, בּהאַי תקנתא לא ניהא לי —
[... בּייהאַי טאַקאַ'נטע לוי ניכע...] זאַץ. תּח

<בבֿא קמא, ח/ב. 'איך בין מיט דער תּקנה ניט צופֿרידן'. אַ, בּ, תּ, — מיט אײַער נײַער רעגולאַציע, לא נ, לי, בּין איך ניט אײַנשטימיק.

אַנאבּ פֿטמ. אַרכ. פּפֿ □ ה[ע]נאבּ. דזוו

.

אַראָפּ. „ווערט הש״י געבּן דז מן ווערט קענן זיכר וואנדרין וויל איך גיוויש אי״ה אנאבּ פֿון ענקרין וועגן“, פּראָגבּ, 18; „בּשלמא דז איך ניט שרײַבּין קאַן. דען עז ציכט קיין מענש הנאבּ“, דאָרטן, 19־20.

אַנאַבּאָל□יזם — דער, ־ען. <איי <גר. (פֿיזיאָלאָגיע) דאָס סינטעזירן קאָמפּליצירטע סובּסטאַנצן פֿון פּשוטערע אין אַ לעבּעדיקן אָרגאַניזם. ־יש — אַדי. „אַ'ע רפֿואות... צו סטימולירן דעם וואוקס פֿון קליין־געוויקסיקע קינדער„, דר, ע. פּאַט, טמז, 2 IX 1961.

אַנאַבּאַפּטIיסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. <איי <גר. אָנהענגער, מיטגליד פֿון אַ פּראָטעסטאַנטישער סעקטע וואָס לייקנט דעם ווערט פֿון טויפֿן אַן עופֿעלע אָדער אַ קינד, איז אין שאַרפֿער אָפּאָזיציע צו אַ צאָל דאָגמעס און ריטואַל. די אַ'ן זײַנען פֿאַרן אָפּטיילן דאָס קירכלעכע פֿון דעם שטאַטלעכן ־יזם — אויפֿגעקומען

.

אין 16. י״ה, האָט אָנהענגערס אין אייראָפּע און אַמעריקע. ־יסטיש — אַדי. „מע האָט אים פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך עטלעכע אַ'ע ביכער און האָט פּראָפּאַגאַנדירט 'די טריפֿה אַ'ע כּ

ירה“, זר איבז, נ. רובאקין פֿאַר פֿרײַהייט און

— ,

רעכט, ווילנע, יאָר?

אַנאַב. אָ'ז — דער. מצ נב. <איי <גר.

צוי

ריקקער צום לעבן נאָך אַ צושטאַנד וואָס זעט אויס ווי טויט.

אָנאָביעקטיוו — אַדי. נעאָל. וואָס האָט ניט קיין אָביעקט. „אייגנשאַפֿטן פֿון אַן אַלגעמיינער אָ'ער עראָטיק“, קאָר II. „האָבן מיר אין די פּיוטים בלויז אויסדרוקן פֿון אָ'ן ווייטאָג“, א. גאָלאָמב, גש III, מעקסיקע 1946.

אָנאָ בכוה — [... בײכו אַך (בײקו אַך)] פֿראַזע.

י י

ערשטע ווערטער און נאָמען פֿון אַ תּפֿילה בײַ שחרית. איך בעט דיך, מיטן כּוח... פֿון דײַן רעכטן אָרעמס גרויסקייט, קניפּ אָפּ די

דענע — „גדולת ימינך תּתּיר צרורה„. [די ראָשי־תּיבֿותן פֿון די 42 ווערטער פֿון דער תּפֿילה פֿלעגט מען ניצן אין קמיעות אָדער אָפּדרוקן אויף שיר־המעלותן ווי אַ סגולה פֿאַר אַ קימפּעטאָרין. ״אָ, בּ'... די ראָשי־תּיבֿות פֿון די זיבּן שורות צוזאַמען שטעלן צונויף דעם שםהמפֿורש פֿון מ„ב אותיות און זיי שליסן זיך מיטן צווייטן פּסוק פֿון קריאַת־שמע“, זלמן שזר, גק, 60 1967, No.] געניצט בּ אַסיפֿות

י

כּדי אײַנצורואיקן דעם עולם, אויסצומײַדן אַ געשלעג. ״ייִדן, ניט אָ, בּ'!„. אויך: „אָ', רבּילעבּן, לערנט מײַן ייִנגל, אָבּער לא בּ', שלאָגט אים ניט“.

אַנאָ בּעינא למיעבֿד האָ מצווה — [... בּעאינאָ לעמייעווועד...] זאַץ. תּח. <בּבֿא קמא, צא/ב. 'איך וואָלט ווּעלן מקיים זײַן די מצווה'. געניצט מיטן בּ: איך גופֿא בּין אַ בּעלן עס צו טאָן (ווען עס רעדט זיך וועגן אַ דבֿר שבּצדקה). „אַ, בּ, ל, האָ מ, — איך דאַרף ניט קיין שליח“. „אַ, בּ, ל'... איך וויל אויך פֿאַרדינען אַ שטיקל מצווה“.

אַ, הכי קאַמינא — [... ה'אָכע קאַמ'ינע]

זאַץ. תּח. <בּרכות, סב/ב. 'איך מיין אַזוי,
(כ'האָבּ אַזוי געמיינט). געניצט ווען מע
פֿאַרשטייט שלעכט (טײַטשט אײַן (אויס) ניט־
ריכטיק) יענעמס אַ וואָרט, הלכה, געדאַנק. „איר
האָט מיך שלעכט פֿאַרשטאַנען, אַ, ה, ק, —
אָט דאָס איז געווען מײַן אמתע מיינונג, אָט
דאָס בּין איך אויסן“.

אַ, לאוו טבֿהא אַנאָ ולאַוו

בּר־־

טבּהא אַנאָ — [... טאַווכע... וועלאַוו
בּאַר־...] זאַץ. תּח. <חולין, צג/א. 'איך בּין
ניט קיין קצבֿ (קוכער) און ניט אַ זון פֿון אַ
קצבֿ (קוכער)'. „אַ, ל, ט אַ, ו, בּ'־ט אַ', אָבּער

, ,

אויף אַ גוט שטיקל פֿלייש (געבּראָטנס) בּין איך
אַ מבֿין„. “אַ, ל, ט'... כ'בּין ניט קיין למדן,
אָבּער גראָד דאָס ווייס איך„. „אַ, ל, ט, אַ'...
כ'בּין ניט קיין רעדנער און ניט קיין זון פֿון
אַ רעדנער, אָבּער כ'פֿאַרשטיי זיך אויף אַ
רעדע, דאָס מאָל האָט ער געבּעבּעט„. ← לא
נבֿיא אַני ולא בּן נבֿיא.

אַ, לא הילק ידענא ולא בּילק ידענא
— [... לוי בּילאַק יאָדאַ'נאָ וועלוי בּילאָק...]

זאַץ. תּח. <חולין, יט/א. 'ניט איך קען
חילק, ניט איך קען בילק, [צוויי פֿיקטיווע
נעמען]. געניצט מיט בבֿ: 1. איך אָנערקען
ניט קיין אויטאָריטעט; 2. ס'אַרט מיך ניט
וואָס דער אָדער וואָס יענער זאָגט. [דאָרטן:
איך רעכן זיך נאָר מיט דער הלכה.]

אַ, לא ידענא, עו▯דא הוה — [... לוי
יאָדאַ'נאָ, אפֿוודע האַווע] זאַץ. תּח. <עירובֿין,
ז/ב. 'איך ווייס ניט, ס'איז אַ פֿאַקט'. געניצט
מיטן בֿ: איך ווייס ניט דעם שׂכל דערפֿון, אָבער
ס'איז דאָך אַ מעשׂה שהיה.

אַ, לא נגר אַנאָ — [... לוי נאַגאָר...]
זאַץ. תּח. <עבֿודה זרה, נ/ב. 'איך בין ניט
קיין סטאָליער, [ווײַטער: „ולא בר־נגר ופּריקניה
ליה" — און ניט אַ זון פֿון אַ סטאָליער און
כ'קען עס דערקלערן]. געניצט מיטן בֿ: איך בין

אַנאָדאָנטע

טאַקע ניט קיין פֿאַכמאַ▯ אָבער איך פֿאַרשטיי
עס.

אַ, מינײַהו אַנאָ — זאַץ. תּח. <שבת,
קטז/א. 'כ'בין איינער פֿון זיי'. געניצט מיטן
בֿ: איך קען די חבֿרה. איך בין באַקאַנט מיט

דער כּנוּפיה, באַנדע. „אַ, מ אַ', כ'האָב ניט

,

קיין מורא סאַר זיי, כ'וועל זיך אַן עצה געבן“.

-

אַנאַגאָג יע — די, ־ס. <איי <גר.

אַרויף,

פיר'. (טעאָלאָגיע) דערהייבונג פון דער נשמה
צו העכערע הימל(י)שע ענינים, דערגרייכט
דורך 'באַנעמען, דעם פאַרהוילענעם זינען פון
אַ זאַץ אין אַ הייליקער שריפט ־יש —

.

אַדי. וואָס האָט אַ שײַכות צו מאָראַלישע,
אידעאַליסטישע שטרעבונגען פון
אומבאַוואוסטזײַן. אַ'ער בּ אַ ש יי ד — „[אַ באַשייד פון
חלום וואָס] איז אָנגעצילט אויף אויסמאָלן די
העכערע טאוונגען פון דער נשמה“, מוו איבּז,
פרויד, פסיכאָאַנאַליז. אַנאַגאָג — ווער
עס לעבט דורך אַ צושטאַנד פון אַנאַגאָגיע.
אָן אַ גאַל פּראַזע. וואָס איז ניט

פאַרבי־----

טערט. איז גוט, צוגעלאָזן. געדולדיק. “ער איז
דאָך אַ שטיק גאָלד, אָן אַ ג',.. „אַ מענטש אָן
אַ ג', פּועלסט בײַ אים אַלץ,,.. „ער איז מיט
דער צײַט געוואָרן אַ מענטש אָן אַ ג'... פרײַ

פֿון קנאה און שׂנאה,,, י. ווײַערניקאָווסקי, שלש סעודות צײַט, באַרדיטשעוו 1899. ,,אַ בחור אָן אַ ג', אַ גערולדיקער און אַ שמייכלענדיקער,,, ייִז, דערציילונגען, 220.

אָן אַ גוזמא — [... גוזמע] פֿראַזע.

ניטאיבערגעטריבן. ניט־איבערגעכאַפּט די מאָס. נאָענט צום אמת, צו דער ריכטיקער צאָל. ,,דער גבֿיר האָט, אָן אַ ג, צו זאָגן, אפֿשר 20 פּאָקאָיעס מיט דינסטן און משרתים, ניט ווייניקער ווי 10". ,,מענטשן זײַנען דאָרטן געווען, אָן אַ ג', זיכער דרײַ טויזנט. קאָפּ אויף קאָפּ".

אָנאַגיטירן — טרוו. ־טיר אָן, אַגיטירט. אָן

.,

אויפֿהער, זייער פֿיל אַגיטירן (פֿאַר עפּעס, עמעצן) און ווירקן. אָ, און פֿאַרדולן אַלעמען די קעפּ. אָ, קעגן בײַטן די קאָנסטיטוציע. אָ, די ווײַלערס די אַנאַלפֿאַבעטן. מיט ז י ך. ־ונג.

אָנאַגער — דער, ־ס. ווילדער אייזל אין אַזיע (פּערסיע, מעסאָפּאָטאַמיע, אינדיע). Asinus sylvestris.

אַנאַגראַ'ם — דער, ־ען. <איי <גר. וואָרט וואָס ווערט פֿאָרמירט דורך איבערשטעלן די אותיות פֿון אַן אַנדער וואָרט: טישן — שיטן, טראָגן — גאָרטן, מלך — למך. ־(אַטיז)

ירן — טרוו —אַטיש — אַדי.
אַנאָ'ד — דער, ־ן. <איי <גר. (פֿיזיק)
פּאָזיטיווער עלעקטראָד מיט פּאָזיטיווע יאָנען וואָס ציט צו נעגאַטיווע יאָנען. פּאָזיטיווער פּאָלוס פֿון אַ באַטעריי (היפּוך צו קאַטאָד). פּאָזיטיוו געלאָדענע פּלאַטע אין אַן עלעקטראָניש טרײַבל.
—יש — אַדי.
אַנאָדאָנטע — די, ־ס. <איי <גר. (זאָאָלאָגיע) מין טײַכמושל פֿון מעסיקן קלימאַט. ספּעצ, אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ווערט קולטיווירט צוליב איר פֿײַן שעלכל וואָס ווערט

אַנאָדי'ן

געניצט אין דער פּאַבריקאַציע פֿון אימיטאַציע־צירונג.
אַנאָדי'ן — דער, ־ען. <איי <גר. (מעד)
מעדיקאַמענט צו מילדערן שאַרפֿע ווייטיקן. בכלל מיטל וואָס העלפֿט נאָר אויף אַ ווײַל. „מאָדנע... אָפּטימיסטן זײַנען דאָס! מע ליגט אין געהאַקטע וואונדן און מע טרייסט זיך מיט אַ־טראָפּנס‟, חיים ליבערמאַן, זב, די שטימע פֿון טאָל, נ״י 1940 ־יש — אַדי.

אָן אַ דנאָ פֿראַזע. וואָס האָט ניט קיין

-

דעק. אַ צעבער, פֿאַס אָן אַ ד'. *אַ קישקע אָן
אַ ד, = א) ווער עס עסט אַ סך און ווערט ניט
זאַט; בּ) וואָס האָט קיינמאַל ניט גענוג, וואָס
מע קען ניט צופֿרידנשטעלן.
אָנאַדרעסירן — דזוו אויסאַדרעסירן ←, 144.
אָנאודזשגען — טרוו ־גע אָן, ~געאודזשגעט.

לאָקל, ביאַליסטאָק. פּפֿ: ~הודזשגען.
אָנרייצן, אויפֿרייצן. אויפֿהעצן. אָ, דעם הונט
אויף די לאָבוסעס. אָ, די פֿויערים אויפֿן פּריץ
און אַרויסרופֿן אַ בונט.
אַן אַוואַ'ן — זוו פֿר. פֿאָרויס, הײַדאַ פֿאָרן!

,, · ·

-

אַ אַ' און איך שפּרינג אַרויף,,, פּרץ, 'בײַ די

-

פֿרעש צו גאַסט'.

אַנאַ־וואַנאַ — אָנהייב פֿון אַן אויסצייכענישׁ.

.330 . ▯

אָן אַ וואָרט   פֿראַזע. דזוו אָן איין וואָרט.

-- ▯

▯

ניט ענטפֿערנדיק, אָן אַרויסזאָגן עפּעס, אָן אַן ענטפֿער. אָן אויסדריקן עפּעס אין ווערטער.

אָן אַ וו, פֿאַרלאָזן די זיצונג. „דערשלאָגן פֿון אומגליק, האָט ער אָן אַ וו, צו זאָגן זיך פֿאַרשלאָסן אין זײַן צימער„. „און זי פֿאָלגט אים אָן אַ וו'... און וואוהין ער שיקט זי, גייט זי“, אַל▯ כּץ, חלום־עליכם.

אָן אַ וויץ   פֿראַזע. אויך: ערנסט. זאַכלעך.

„אָן אַ וו„ זאָג מיר וואָס טראַכסטו צו טאָן?“.

אויך: אָן אַ געלעכטער, אָן אַ שפּאַס.

אָנאַ'ווירן — טרוו. אַוויר אָן, ~געאַווירט.

1. אָנשטינקען. אָנעיפּושן. אָנמאַכן, אַרויסלאָזן,

אַרויסגעבן שלעכטן ריח און פֿאַרשטינקען,
פֿאַראומרייניקן די לופֿט. אָ, אין וואַגאָן אַז אַלע
זאָלן מוזן זיך צעלויפֿן. 2. גראָבֿ.
בּמקומוועדבֿ פֿאַר טאָן עפֿעס שלעכט, עמעצן קאַליע
מאַכן. אָ, מיט אַ זידל אַרטיקל אין דער פּרעסע,
-
מיט אַ רעדע. אָ, די שותּפֿים = אָפּנאַרן,
אָפּשווינדלען.

אָנאַ'ווערן — דזוו אָנאַווירן.

אָנאוזשען — דזוו אָנהוזשען ←.

אָנאויגיק — אדי. נעאָל. וואָס איז, האָט ניט
קיין אויג. וואָס האָט ניט קיין אויגן. אָן אָ,
בּאַשע□ עניש.

□ ,אויגנדיק — וואָס האָט ניט קיין אויגן.
וואָס איז בּלינד. דער אָ'ער בּעטלער.

אָנאוילן — אַמ. ← אָנאיילן.

אָנאויסבּאַגיילעך — אַדי. נעאָל, אאר. וואָס
אָן דעם קען מען זיך ניט בּאַגיין, אויסקומען.
אָ'ע רוי־מאַטעריאַלן פֿאַר דער אינדוסטריע.

1422

אַן אויסנאַם פֿראַזע. 1. אויסגעצייכנט

גוט. אַ מאכל — אַן א'. „געשפּילט האָט ער אַן א'“, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.
2. אויסערגעוויינלעך. אַן אויסוואורף אַן א,.
אָן אויסנאַם פּראַזע. ← אויסנאַם, 287;

אויסנעם, 292. אָן אַ יוצא־מן־הכּלל. אַלע. אַ ל ע אָן א'. אויך: אָן אויסנעם.

--
אָן אויסהער פּראַזע. זיך ניט אָפּשטעלנ־..־.־
דיק. אָן איבעררײַס, כּסדר. רעדן אָן א,. די רעדער פֿון דער מיל דרייען זיך אָן א'. אַרבעטן אַ לעבן־לאַנג אָן א'. “[ער] אָבער האָט שוין אַרויף און אַראָפּ זיך דעמאָלט אָן א, געשטרעקט און געבוקט“, מלה, אין ניו־יאָרק. “...
איבערגעבויגן דעם קאָפּ... און שטאַרק פּאַרטאָן אין דעם אויפֿגעשאָרוועטן וואַסער וואָס די שיף
שנײַדט אַזוי אָן א',,, ב. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. „דער בוים איז געווען און אָן א, געוואָרן, געווען און אָן א, געבלעטערט“, צײַט,
ן—.

מטטרו

אָנאויפֿהעריק — אַדי. נעאָל. ← דפֿוו. וואָס ציט זיך אָן אויפֿהער, כסדר, אָן אַן איבעררײַס. אָ'ע באַמיאונגען. אַן אָ'ער שטראָם פֿון מענטשן ציט זיך לענג־אויס דער גאַס. אָ'ע געדאַנקען. „מיר זײַנען אָ'ע גייערס“, ימ, צוויי רעפֿעראַטן,

.1954 אויך: ~אויפֿהערדיק — „זיך דערווערבן אָ'

לעך

— “עס פֿלעגט גיין

צײַט, טמז, 1957 י 3 ־יקייט.

.

אויך: ~אויפֿהער

אין אַזאַ מאָמענט אין פֿאַראיין אַן אָ'ע

פֿיבערהאפּטע אַרבעט“, ה פֿראַנק, דרײַ יאהר ון

—

ביאַליסטאָקנער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, ביאַליסטאָק 1918. ־קייט.

אָנאויקען — ־קע אָן, ~געאויקעט. אוטוו — אַ סך מאָל אויקען (←, 505). אָ, אין די אויערן.

אַקוזוו — 1. אָנקרעכצן. פֿאַראויקן. אָ, עמעצן

אַ קאָפּ, יענער זאָל מוזן אַנטלויפֿן פֿון שטוב.
2. מיט אַרויסגעבן (אַרויסברענגען) אָפּט אוי,
אויסדריקן התפּעלות, באַוואונדערונג, ווייטיק,
דערשרעק, צער, צופֿרידנקייט אע. אָ, זײַן
קעלבערנע התפּעלות. אויך מיט ז י ך.
־עכץ. ־עניש.
אָן אונדזער שאָדן פֿראַזע. אָן עין־הרע.

מיר ווינטשן זיך עס. „מיר זענען נאָך נישט
די ערגסטע מענטשן. הלוואַי אָן א, ש, אויף
אַלע אונדזערע קינדער געזאָגט", דער דיבוק...,
לעמבערג 1899. פֿרגל: אָן דײַן שאָדן, אָן זײַן
שאָדן, אָן מײַן שאָדן.
אַן און פֿאַר זיך פֿראַזע. דטשמ. נר.
--

1. אָן פֿאַרבינדונג מיטן באַוואוסטזײַן, וואָס
איז מחוץ דעם שׂכלדיקן באַנעמען, וואָס איז
ניט אָפּהענגיק פֿון דערקענען. "האָט דען קאַנט,
... ניט געלערנט מיט אונדז אַז די וועלט 'אַן
א, פֿ, ז, , איז בלויז אַן אונטערלאַגע פֿאַר
אונדזער דענקען", קאָר 2 .I. פֿאַר זיך אַליין.
באַזונדער, סעפּאַראַט. וואָס מע קען אָפּטיילן.
"אַן א, פֿ, ז, איז ער אַ גאַנץ פֿײַנער מענטש";
"דאָס איז אַן ענין אַן א, פֿ, ז'„. "און שפּירט

דעם טעם פֿון דער זאַך אַליין — אַן א, פֿ,
ז,״, פּרץ, 'נשמות'.
אָנאוצרן — [... אויצערן] טרוו. אוֹצר אָן,

אָן אַ זײַט

געאוֹצרט. אָנזאַמלען, אָנקלײַבן עפּעס וואָס~
האָט דעם ווערט פֿון אַן אוצר. אָ אַנטיק־זאַכן.
,
אַנאַזאַמען — אַדוו. Mhd: an¯samen.
צוזאַמען. ״ווען צווייא אודר דרײַא ווערטר אַן
אַזאַמן הענגן דורך איין מקף...״, אבֿן י‌ראל,
מעץ 1766, יא/ב.
אָן אַ זיי־געזונט — (אַדוו) פֿראַזע. ניט
גע‌־
זעגנט (זיך); ניט צוגעוואונטשן. אַוועקגיין,
אַוועקפֿאָרן אָן אַ זײַ־ג, פֿאַרשווינדן אָן אַ זײַ־ג..
-
.
,,בײַנאַכט אָן אַ זײַ־ג, עוֹקר געווען״, ממוס,
'איבּער אַ שטאָט אין מזרח'.
אָן אַ זייט — (אַדוו) פֿראַזע. כאַראַקטעריסטיש
-
פֿאַר לד. 1. דזוו אין אַ זײַט. אָפּרופֿן אָן אַ
ז, און אײַנראַמען אַ סוד. זיך אָפּרוקן אָן אַ, ז'.

לייגן די פֿאַרפֿוילטע עפּל אָן אַ ז'. „ווען די
ערד וואָלט זיך ניט געדרייט אַרום דער זון,
וואָלט זי ערגעץ אַוועקגעלאָפֿן אָן אַ ז'„, י״ז
בּן אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.
„אָן אַ ז, ליגט אײַנגעדרייט מײַן הערשל„,
פּינסקער שטאָדט־לוח, תּרס״ד. אַ געלעכטער
אָן אַ זײַט = עס איז ערנסט, ס'איז וויכטיק.
„מאַמעשי, מאַך מיך חתונה! טאַכטער, ס'אין
נאָך צײַט! מאַמעשי, מאַך מיר חתונה, אַ
געלעכטער אָן אַ ז'!״, פּל. 2. זײַטיק, ניט־גלײַך,
קרום. ציִען אַ גלײַכע ליניע און פֿאַרקריכן אָן
אַ ז'. ״האָט זיך איבּערגעזעצט אויף אַן אַנדער
בּאַנק, קוקנדיק אָן אַ ז'„, אַלגעמיינער אידישער
אַרבּ▯־טערבּונד, סטעפֿאַן כאַלטורין, לאָנדאָן
1902. 3. אין אַ זײַטיק געסל (מע זאָל ניט
זען, בּאַמערקן). ״איז אים אײַנגעפֿאַלן ער זאָל
בּאַצאָלן עטלעכע געזונטע יונגען מע זאָל אים
אָן אַ ז, גוט מכבּד זײַן פֿאַר דער העזה״, בּ.
בּעקערמאַן, דער יודישער שפּיעגעל [זב],
וואַרשע 1895.

4. אָפּגענייגט, אָפּגעטראָטן פֿון אַ
בּאַשטימטער (אָנגענומענער) ליניע, ריכטונג. האַלטן אַ
לעקציע אויף אַ געוויסער טעמע און פֿאַרפֿאָרן
אָן אַ ז', אין האָצעפּלאָץ. „נאָר אין מאַנכע

ערטער מצד זײַן פֿאַרטיפֿן זיך אין פֿילאָסאָפֿיע און אין די רעיונות פֿון חכמי־קאָסמאָלאָגיע איז

ער אַ בּיסל אַוועק אָן אַ ז"", מב", הוגה דעות I, ווילנע 1912.

5. ניט אַרײַננעמענדיק אין חשבון, ניט פֿאַררעכנט. *פֿאַרדינען אָן אַ ז, = מחוץ דעם געוויינלעכן מקור פֿון פּרנסה, ווי אַ צושפּרונג צו דער פּרנסה, מחוץ די אײַנגעשטעלטע שׂכירות. "מע פֿאַרדינט דרײַ הונדערט רובּל און אָן אַ ז, מאַכט מען דרײַ טויזנט רובּל,,, חג, טמז, 24 1961 III. אַוועקלייגן אַ פֿאָר גראָשן

אָן אַ ז, = אָפּשפּאָרן, אַוועקלייגן אין אַ קניפּל, אַרײַנטראָגן אין אַ באַנק. ,,דו מאַכסט מיר גאָרנישט זויער, מאַכסט נאָר גרעסער דײַן טרויער, לייגסט מיך אָן אַ זאַט, ווילסט זײַן פֿון מיר באַפּראַט", א. בּ. רוף, דער שיכּור..., וואַרשע 1871. ,,וואָס דעם דאַוונען אָנגייט, דאָס שטעל איך אָן אַ זאַט", דאָרטן.

6. ד אַנדערע אויף דער בּינע זאָלן ניט

הערן. ,,אַ שטעל וואָס הייסט אויף דעם לשון פֿון דער בּינע אָן אַ ז, '. דאָס רעדט איינער

אָן אַ זין

אַרויס אויף דער בינע וואָס ער טראַכט אין
הארצן, און די צושויער דאַרפֿן פֿאַרשטיין אַז
ווען ער רעדט אַזוי — הערן ניט די אַנדערע,,,
שטערן, מינסק 9 1939, No.
אָן אַ זין פֿראַזע. פּפּ און בעסער: אָן אַ

זינען. ניט־באַטראַכט. ניט־שׂכלדיק.
אומלאָגיש. רעדן סתּם אין דער וועלט אַרײַן, אָן אַ
זין. רייד (מעשׂים) אָן אַ זינען. ,,און טעג נאָך
טעג, ווי אייגלעך אויף אַ שפּיזל, די אַלטע
שטריקערין, זי שטריקט זיי אָן אַ זין“, דא,
וויאָלעט.

אַנאַטאָמ□יע — די, ־ס. <איי <גר. 'דורך
צעגלידערונג'. 1. וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט די
סטרוקטור, דעם אינעווייניקסטן געבײַ פֿון
בעליחיים. אַ, פֿון מענטשן. אַ, פֿון זויגערס אאַזוו.
אויך: אַ, פֿון געוויקסן. אַ שטודיע אין אַ'. ,,אָן
דער גרינטלעכסטער אַ, איז ניט שייך
כירורגיע“. ,,... נייטיקע ידיעות אין אַ', ד,,ה די
באַגריפֿן וועגן בוי פֿון דעם מענטשנס
קערפּער“, צש פֿגעז, ווילנע 5 1924, No. ,,ווי

,
מערסטע כירורגן וואָס אינטערעסירט זיי מער
א, ווי פּסיכיק,,, ייִז,... קאַרנאָווסקי פּיג. אַ,
—
.
פֿון דער געזעלשאַפֿט — איר סטרוקטור לויט
גרופּעס, שיכטן, קלאַסן.
טאָפּאָגראַפֿישע אַ'. נאָרמאַלע (פּאַטאָלאָגישע)
א, פֿאַרגלײַכיקע אַ'. פּלאַסטישע אַ'.
—. —
2. אַרכ. פֿאַלמעסונג. ,,איין שעריר ושגלתו
[זײַן פֿרוי] העידו ווי פֿר כ״ז שנים העט מן
בּבֿיתם איין אַנטאָ מי גימאַכט,,, 'כ״י וועגן
דעם מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III, 272].
־יסט, ־יקער — ספּעציאַליסט אין
אַנאַטאָמיע. ,,אַ נייגונג צו קוקן מיט אויגן פֿון אַן
אַ'יקער אויף יעדער מענטשלעכער געשטאַלט,,,
גרינ, איד און וועלט.
־יש — אַדי. ,,און אָפּטמאָל בין איך דער
דאַרער סקעלעט אין בוך אַ'ישן וואָס שטייט
אין מײַן שראַנק,,, איטשע סלוצקי, אינמיטן,
וואַרשע 1939. אַ'ישער אַ ט ל אַ ס —
קאָלעקציע פֿון אַ'ישע בילדער. אַ'ישער ט ע ־
אַ ט ע ר — זאַל אָדער ספּעציעלער בנין בײַ
אַן אוניווערסיטעט וואו עס ווערן געהאַלטן

פּרעזערווירט טיילן פֿון געפֿאַלמעסטע
קערפּערס. אויך: אַנאַטאָמקע.
אַנאַטאָמ ירן — טרוו ־מיר, אַנאַטאָמירט. פּפֿ:
.
אַנאַטאָמיזירן. פּאַלמעסן. צעשנײַדן,
צעגלידערן אויף באַזונדערע אָרגאַנען, טיילן פֿון
קערפּער פֿאַרגיפֿטן אים לוינט ניט, וואָרום
. ,,
מע וועט דאָך אים אַ, און עס וועט זיך
אַרויסווײַזן...,,, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895.
פֿיג. צעשטערן, חרובֿ מאַכן. ,,טיטוס דער
רוימער האָט זיך צו מיר גענומען, ער האָט מיו
אַנאַטאָמירט זייער שטאַרק, געמאַכט פֿון מיר
ביינער אַ גאַנצן באַרג,,, י)ראָל ברי,,ף, מײַן
זיידעס הגדה, ווילנע 1908. ־ירונג. ־
יזאַציע. ־יזירונג.
אַנאָט אַציע — די, ־ס. <איי <פֿר. נאָטיץ,
באַמערקונג, הערה, צוגאָב צו אַ טעקסט כּדי
צו מאַכן דעם ענין קלאָרער פֿאַרשטענדלעכער.
,
כּדי אָנצףווײַזן אויף אַ מקור, אויך אויף אַ

סתּירה אאַזוו. אָ'ס ▯ צו אַן אַרטיקל. ־אַטאָר —
,,אויך דעם פֿילזײַטיקן געלערנטן און אַ, פֿון
זוהר... האָב איך געוואָלט חושד זײַן...,,, יע,
יײִשפּ XXI, 4 ־ירונג ־ירן — טרוו. אַ,

. .

דעם עסיי.

אַנאַטאָקסי'ן — דער, ־ען. דזוו אַנטיטאָקסין.
יעדער מיטל וואָס מאַכט אומשעדלעך
מיקראָאָרגאַניזמען וואָס רופֿן אַרויס אַ קראַנקייט. ,,די
אימפֿונגען מיט אַ, אָדער סערום פֿון
פּאַסטעראינסטיטוט שאַפֿן אַ זיכערע אימוניטעט“, טאָז,
וואָרשע 3 1929, No.

אָן אָטעם — ← אָטעם, 865.

אָנאָטעמדיק — אַדי ▯ נעאָל. 1. וואָס איז אָן
אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם; וואָס איז אין אײַלעניש.
אויפֿגערעגט. אָ אַרײַנפֿאַלן אין שטוב און

,

דערציילן אַ פּאַסירונג. אָ, אָנזאָגן אַ בשׂורה.
2. וואָס דערבײַ איז שווער צו אָטעמען פֿון

,, .

דער פּאַרנער אָ'ער זומערנאַכט שלייערט זיך
אַרויס אַ שטילער ראָזיקער פֿאַרטאָג“, דוד
מיצמאַכער, ,שמאַטע־קלײַבער'. 3. וואָס

פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. „וואָס זעסטו דען פֿאַר זיך
אַחוץ אָ'ן סוף?„, לע, קוד, אָקט, 1963.
־יקייט.

אַנאַ'טעמע — די, ־ס. <איי <גר. 1. אַקט
פֿון אויסשליסן פֿון דער קירך פֿאַר אַפּיקורסות.
2. קללה בכלל. 3. דער. פֿאַרשאָלטענער.
פֿאַרשטויסענער. 4. שׂטן. „סימבאָל פֿון
יענעם מענטש... וועלכן אַ, ברויכט פֿאַר זײַן
פּלאַן„, זשיט I, נ„י 1912.

אָנאָ'טעמען — אָטעם אָן, ~געאָטעמט. פּפֿ:
~עטעמען. 1. טרוו. אָטעמען ביז פֿול,
ביז גענוג. אָ, פֿולע לונגען. אָ, פֿרישע לופֿט.
2. אָנבלאָזן, אָנפּאָמפּען. אָנפֿילן מיט לופֿט.
אָ, דעם באַלאָן. אָ, די פּילקע, דעם באַלעם. „
אָנגעאָטעמט קעלט אויף אונדזער הייסטן בלוט„,
אַקש, ברויז, מינסק 1928. 3. אַקוזוו. פּיג.
אַרײַנזאַפּן, אַרײַננעמען אין זיך. אָ, יענעמס
ווייטיק פֿרייד אע. 4. אוטוו. אָנהויכן.
אַרויפֿ,
אָטעמען אויף עפּעס. אָ, אויף די גלעזלעך פֿון
די ברילן און זיי אויסווישן. מיט ז י ך —
אָ, זיך מיט פֿרישער לופֿט. ־ונג.

אָ'נאיבערליי'גט — אַדי. נר. וואָס איז אָן
איבערלייגונג. „מע זאָל קיין שום זאַך [ניט

טאָן] אָ', אַפִּילו יעדעס וואָרט דאַרף צו זײַן מיט איבערלייגונג,,, איבז, ר, יצחק האַמבורגער, ▯Iיח יצחק, קראָקע 1882.

אָנאיבעררייסיק — אַדי. נעאָל. וואָס רײַסט

-

זיך ניט איבער; וואָס מע רײַסט ניט איבער. אַן אָ'ע אָנווענדונג פֿון ענערגיע. אַן אָ'ע אָבסטרוקציע. ־יקייט.

אָנאיבעררייסלעך — אַדי. נעאָל פּרגל דפּוו

— I

וואָס מע קען ניט איבעררײַסן. אָ'ע קאַנאַלן. אָ'ער שטראָם. ~איבעררײַסבאַר — דטשמ. נר. ־קייט.

אַן איטלעכער — דזוו איטלעכער. אַרכ. ,,... עשׂ זאַל זיכשׂ איין איטליכר אויז שרײַבן,,, לט1, כו/ב.

אָנאינהאַלטיק

אָנאייגלען — טרוו. ־גל אָן, ~געאייגלט. אָנרעכענען, אָנציילן די צאָל אייגלעך בײַם שטריקן.

מיט ז י ך — קזוו. ← אייגלען, 1063. אָ, זיו בײַם טאַנץ און דערנאָך אַרויסגיין זיך 'אָפּקילן,.

אָנאײגענען (זיך) — טרוו. אײגן (זיך) אָן,
(זיך) ~געאײגנט. 1. נעמען אין באַזיץ און

געניסן דערפֿון. אָ, (זיך) פֿרעמדן פֿאַרמעגן. .
"קײן אײנער וואָס פֿאַרברענגט זײַן צײַט אין
גאָרנישט טאָן זאָל נישט אָ, זיך דאָס וואָס
אַנדערע האָבן געשאַפֿן,,, מעריסאָן איבז, פּ.
קראָפּאָטקין, געגנזײַטיקע הילף, נ,,י 1913.
2. איבערנעמען אַן אײגנשאַפֿט, אַ נטיה, אַ
כאַראַקטער־שטריך, אַ געשיקטקײט, אַ
בריהשאַפֿט, אַ קענטשאַפֿט. אָ, (זיך) אַ טעכניק. אָ,
(זיך) דעם צווײטנס העוויות. 3. מאַכן פֿאַר
אײגנס דורכן לערנען, לײענען, צופּאַסן זיך
אָדער נאָכמאַכן. אָ, זיך דעם רבינס גוטע מידות
,,ס'איז וויכטיק פֿאַר רוסישע ייִדן זיך די
רוסישע שפּראַך אָנצואײגענען און די רוסן
וועלן זײ מקרב זײַן,,, קמ, 32 1867, No.
אָנאײדלען — ← אײדלען, 1069. פּרוּוון
אויסאײדלען און ניט קענען אָ'. אויך מיט
ז י ך.
אָנאײטערן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. עס

אייטערט אָן, עס האָט ־י.,געאייטערט. אָנציִען זיך מיט אייטער (־.. 1080). דער פֿינגער האָט אָנגעאייטערט און געוואָרן געשוואָלן ווי אַ באַרג ־ונג.

.

אָנאיילן — טרוו. אייל אָן, ~געאיילט.
אָנשמירן, אויסשמירן מיט אייל. אַרײַנשפּריצן, אַרײַנגיסן, אַרײַנטאָן אייל. אָ, די ניימאַשין, זי זאָל גיין ווי אַ מזמור. אָ, די פֿאַן, פּאַטעלניע.
אָ, דעם סאַלאַט. אָ, עס זאָל גיין ווי געשמירט.
פֿיג. אָ, דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, ער זאָל אַרבעטן גיכער, פּינקטלעכער.
אָנאיילן — טרוו. אײַל אָן, ־..־,געאײַלט.

צװיאָגן, צוטרייַבן. אונטעראײַלן. אָ, די פֿערד מיט דער בײַטש. אָ, די אַרבעטער מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין. אָ, די באַשטעלונג. אָ, דעם טראַנספּאָרט סחורה. ,,זיי האָבן דאָך געזען די התגלות פֿון רצון־הבורא אָנצואײַלן די גאולה,,, אפֿא, טמז, 28 1969 IX. מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.

-

אָנאייסערן — טרוו ־ער אָן, ~געאייפֿערט.

← אייפֿערן. 1. אַרויסרופֿן אייפֿער, קנאה. אָ, עמעצן קעגן עמעצן. 2. סטימולירן (פּאָזיטיוו ווי אויך נעגאַטיוו). אינספּירירן. אָ, די מיטאַרבעטער. „ס'איז אַן אָלטער כּלל: אַזוי גוט ווי אַלגעמיינער דאַנק אייפֿערט אָן נאָך מער צו טון, אַזוי אויך אומדאַנק„, קמ, 16 1864, No. אויך מיט ז י ך.

אָנאייקען — דזוו אָנאויקען ←.

-

אָנאימפּעטדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אימפּעט. די אָ'ע באַוועגונג, ימ.

אָנאינהאַלטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אינהאַלט. אָ'ע רייד, מוו.

אָנאינטריגיר

אָנאינטריגירן — ← אינטריגירן. אָ, די חבֿרה מיטן אויסדערציילן דעם סוד. אָ, און פֿאַרקאָכן אַ קאַשע. אָ, און זיך מאַכן גאָט די נשמה שולדיק.

אָנאיקען — ← איקען. פּפֿ: □ ..,,היקען. כּסדר איקען. אָנשלוקערצן. ,,אַנשטאָט פֿאָרצולייענען האָט ער אָנגעאיקעט“.

אָנאירזשען (זיך) — דזוו אָנהירזשען (זיך) □ ..

אַנאַכאָרע'ט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־ס. >איי □ ־־גר. אָפּגעזונדערטער, צוריקגעצויגענער ערעמיט, הערמיט. ווער עס פֿירט אַ לעבן פֿון אַ נזיר, אַ מדבּרניק.

אַנאָכדעם פֿטמ דזוו נאָכדעם, דערנאָכדעם. □ ־־.

אָנאַכטיק — אַדי דרייזין. נר. ניט וויכטיק. אומוויכטיק. וואָס מע דאַרף אויף דעם קיין אַכט ניט לייגן. אַן אָ, געשעעניש.

אָנאַכטן — טרוו. אַכט אָן, ~געאַכט. ארכ Mhd: an־ah□en. אָנמאַרקירן. אָנצייכענען. גילטן. “דא זײַן די ג, נאמנים מחויבֿ אַן צו אַכטן ענטפֿר געלט אויף צו הייבּן אודר געלט אויף בּרענגין“, תּקק. ,,דיא בּעט, זי אים מיט איסור אַן גיאכט זײַן, מיט היתּר ווידר אַן גיאַכט ווארדן,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ד/ב. “און דער ראָש־הישיבֿה פֿלעגט דעם בּחור

נפֿתּלי אָנצואַכטן אַלע וואָך בּ▯ אַן אַנדערן
י
בּעל־הבּית ער זאָל דאָרטן עסן. אַמאָל האָט
אים דער ראָש־הישיבֿה אָנגעאַכט בּײַ אַ גרויסן
י
גבֿיר,,, איין שיינע מע▯ה פֿון נפֿתּלי און מרים,
לעמבּערג 1891.
אָנאַכלען זיך — אוטוו. אַכל זיך אָן, זיך
~געאַכלט. (גראָבּלעך) זיך גוט אָנעסן,
אָנפֿרעסן זיך איבּער דער מאָס. אָ, זיך וו אַ
י
סאָלדאַט. אָ, זיך ווי אַ פּויק און זיך ניט קענען
ר▯רן ▯ון אָרט. אָ, (זיך מיט) טרפֿות.
אָנאָכצען — אוטוו ־צע אָן, ~געאָכצעט.
.
אָכצען (▯) אַ סך, אַ לענגערע צײַט.
אַנאַכראָנ יזם — דער, ־ען. <איי <גר.
אָפּ,
שטאַנד אין צײַט'. 1. דאָס וואָס האָט
איבּערגעלעבּט זײַן צײַט, וואָס געהערט צו אַ
פֿריִערדיקער צײַט, צײַטן. אַ הילוך — אַן אַ,.
אַן אידייע אַן אַ'. “... ד אַלט־ייִדישע
ליטע— י

ראַטור האָט ווי אַן אַ, געלעבט ביז גאָר דער
לעצטער צײַט“, זר, ייִבל 2 .3 ,III. טעות אין
חשבון פֿון דער צײַט אין שײַכות מיט עפּעס
אַ געשעעניש. „איך האָב געהאַט בדעה דעם
אַרטיקל אַ ביסל צו פֿאַרבעסערן און
אויסצומעקן פֿון אים די אַ'ען“, זשיט ו, נ“י 1912.
־(יסט)יש — אַדי. „זינדיקן קעגן דער
היסטאָרישער אַטמאָספֿערישקייט, מיט אַן אַ'
יסטישן פּגם“, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I.
“און פֿאַרוואָס זאָל איינער וואָס איז געבוירן
געוואָרן אַ מוסולמענער מוזן זײַן
אונטערגעוואָרפֿן ד אַ'יסטישע איסלאַם־געזעצן וועגן
י
ירושה“, גרינ, איד און וועלט.
אַנאַ'ל — אַדי וואָס איז שייך, האָט צו טאָן
מיטן אַנוס . די אַ'ע סטאַדיע פֿון קינדהייט.
“מערידן איז ניט [עפּעס] אַנדערס ווי

פֿאַר1424

בּרייטערטע אָדערן וועלכע געפֿינען זיך אַרום
דער אַ'ער עפֿענונג„ פֿגעז, ווילנע 1936, ll No.

,

אַנאַלאָ'ג — דער, ־ן. <איי <גר. דאָס וואָס
האָט אין זיך אַנאַלאָגיע. דאָס וואָס איז אויפֿן
זעלביקן אופֿן. ,,ווער וועט געפֿינען אַן אַ, צו
שעקספּירן?‟. די אַ'ן צו סעקסועלע אָרגאַנען
בײַ געוויקסן. ‟... דאָס איז דאָס 'אַבסאָלוטע
דענקען', און זײַן אַ', זײַן אימיטאַציע: דאָס
אָכערגלויבישע דענקען,‟, דר, אַבֿרהם זוהל,
,

ייִבל □X.
אַנאַלאָג יע — די, ־ס. <איי <גר.
טיילווײַזע ענלעכקייט צווישן שטריכן (אייגנשאַפֿטן)
פֿון צוויי אָדער מער זאַכן (דערשײַנונגען,
פֿערזאָנען), וואָס אויף דעם סמך קען מען
מאַכן א פֿאַרגלײַך. אַ, צווישן האַרץ און אַ
□ □
פּומפּ (פּאָמפּע). אַ, צווישן ייִדיש און
לשונקודש. אַ, צווישן די ייִדישע שרײַבערס פֿון
דער השׂכלה־עפּאָכע. אַ ריכטיקע אַ'. אַ
ווײַטלויפֿנדיקע אַ'. דער פּרינציפּ פֿון אַ'. ‟אַן
אַ, איז ניט קיין באַוויַז,,. ,,אין קאָפּ מישן
זיך מיר אין אומאָרדענונג פֿאַרשיידענע
בילדער פֿון פֿאַרשיידענע עפּאָכעס, און אַ'ס בעטן
זיך אין פֿאַרגלײַכונגען פֿון אַמאָל מיטן הײַנט‟,

נס, הויפּטשטעט, כאַרקאָוו 1934 ־יזס —

.

אויפֿוויזונג, בּאַהויפּטונג אויפֿן סמך פֿון אַן אַנאַלאָגיע ־יסט.

.

־יזירן — דורכפֿירן אַן אַנאַלאָגיע. טראַכטן, קומען צו אַן אויספֿיר אויפֿן סמך פֿ[ון אַן אַנאַלאָגיע ־ונג.

.

־יש — אַדי. „דער היסטאָרישער פֿאַקטאָר דאָס איז דער אײַנגעשטעלטער סדר, דאָס איז אַ סיסטעם פֿון אויפֿבּויען דעם זאַץ על־פּי דעם גרויסן רובֿ אַ'יש־געבּויטע זאַצן“, ימ,

ייִשפּ I ◌ִי, 2־1. אַ'ישע כ יִ אָ ל אָ ג י ע — וועגן אָרגאַנען בּײַ פֿאַרשיידענע בּעלי־חיים וואָס פֿירן אויס אַן ענלעכע פֿונקציע. אַ'ישע ש אַ פֿ ו נ ג — דאָס שאַפֿן נײַע ווערטער אָדער פֿאָרמען פֿון ווערטער בּהסכּם מיט אַ צאָל אָנגענומענע און אײַנגעשטעלטע פֿאָרמען. דוגמאָות: בּאַפּוטערן לויט בּאַזאַלצן, געשטיין לויט געבּיין, אומדערבּליקלעך לויט אומדערגרייכלעך. ־ ישקייט.

אַנאַלגע ◌ זיע

— די, ־ס. <איי <גר. (מעד)

דאָס פֿעלן פֿון געפֿיל פֿון ווייטיקן. ־זיש,
־טיש — אדי. „כמעט אַלע שמערץ־
שטילנדיקע מעדיצינען (מע רופֿט זיי אַ'טישע פּילן)
היילן ניט די סיבה, אָבער זיי העלפֿן צו
לינדערן די ווייטיקן“, דר, י. גלען, פֿאָר, 1967
12 □ II.

אַנאַלי'ז — דער, ־ן. <איי <גר '
אויפֿבינדונג'. 1. דאָס צעגלידערן אַ גאַנצקייט
אויף אירע באַזונדערע עלעמענטן אָדער
באַשטאַנדטיילן כּדי אויסצוגעפֿינען זייערע
ספּעציפֿישקייטן און שייכותן צואַנאַנד. אַ, איז אַ
מעטאָד פֿון פֿאָרשן און לערנען, אָנגעווענדט
אויף אַלע צווייַגן פֿון וויסן און קענטעניש.
א, פֿון וואַסער. אַ, פֿון לופֿט. בלוט אַ'.

אורין

-

א'. כעמישער אַ, פֿון פֿאַרבינדונג. שטאָף אַ'.

-

אַנאַליטיש

פֿיזישער אַ'. ספּעקטרישער אַ,. מוזיקאַלישער אַ,. האַרמאָנישער אַ'. טעמאַטישער אַ אָ, פֿון זאַץ. סינטאַקטישער אַ'. אָנעמישער אַ'. אַ, פֿון

-

-

אַ ווערק. ליטעראַרישער אַ'. אַ, פֿון סטיל. אַ, פֿון אַ שרייַבערס לשון. אַ, פֿון אַ פּאָליטישער סיטואַציע. אַ, פֿון אַ געזעץ־פּראָיעקט. „אָט דער אַ, פֿון די איינפֿאַכע געפֿילן גיט שפּינאָזאַן די מעגלעכקייט אויפֿצובויען אַן איינהייטלעכע סיסטעם פֿון עטיק„, זשיט II, ב"י 1912. „סײ וו אַ קריטיקער, סײ וו אַ

היסי   י

טאָריקער האָט ער זיך געמוזט אָפּגעבן מיט
אַ'ן פֿון שפּראַך־פּראָדוקטן", שנ, קריטיק און
קריטיקער. "די חכמי־התלמוד וואָס האָבן
אויסגעאַרבעט אַזאַ שאַרפֿן, אַזאַ אײַנדרינגענדיקן
אַ', ווי כּמעט קיינער ניט נאָך זיי", קאָר I.
2. ספּעצ. באַזונדערער אָפּצווײַג פֿון
מאַטעמאַטיק וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן שטודירן
אומענדלעך־קליינע גרייסן.
אַנאַליז ירן — טרוו ־זיר, אַנאַליזירט. מאַכן
אַן אַנאַליז, ← דפֿוו. אויסגעפֿינען
באַשטאַנדטיילן. צעגלידערן אויף איינצלנע טיילן, אויף
הויפּט־סימנים. אַ, אַן ענין, אַ פּראָבלעם, אַן
אויפֿגאַבע. אַ אַ געשעעניש, אַן אַנטוויקלונג.

,

-

"יעדן זאַץ זאָלט איר איבערקוקן מיט געדולד...
עס גוט אַ, (דורכגלידערן)", מ. דלוגאַטש, דער
לאַכידיגער ווערטיל זאָגער, לעמבערג 1883.
"די גרעסטע כעמיקער פֿון ווין האָבן די קוואַלן

אַנאַליזירט און האָבן באַשטעטיקט זייער
אומשאַצבאַרן ווערט“, מר I▯י. “די צענטראַלע פֿיגור
פֿונעם ראָמאַן אַנאַליזירט זיך אַליין, זוכט זיך
אַליין צו פֿאַרטײַטשן“, שנ, שלום אַש.
„... בינה באַציט זיך אויף דעם
דיסקורסיוואַנטוויקלטן און פֿונאַנדערגעגלידערטן שׂכל...
אויף דאָס אַ, און פֿונאַנדערוויקלען די יסודות
וועלכע די חכמה אינטואירט און פּאָסטולירט“,
הר▯ י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'יערלעכער רעפֿעראַט,
תשכ“ב. ־אַטאָר. ־ירונג. ־ירער.
אַנאַליטיק — די. מצ נב. לערע וועגן לאָגישן
אַנאַליז ־ער — ספּעצ אַליסט אין אַנאַליטיק.
י
.
ווער עס האַלט זיך בײַם אַנאַליטישן מעטאָד פֿון
פֿאָרשן. ווער עס אַנאַליזירט.
אַנאַליטיש — אַדי. וואָס איז געבויט אויף
אַנאַליז, וואָס האָט צו טאָן מיט אַנאַליז. דער
אַ'ער כוח פֿון אַ דענקער. צוגיין צום ענין
קריטיש, אַ'. אַ'ער א ו ר ט יי ל נאָכן
באַטראַכטן אַ קונסטווערק. אַ'ע ג ע אָ מ ע ט ר י ע
מיט איר קאָאָרדינאַטן־סיסטעם, מיטן אָנווענדן
אַלגעבראַאישע גלײַכונגען פֿאַר געאָמעטרישע
פֿאָזיציעס. אַ'ע כ ע מ י ע. אַ'ער מ ע ט אָ ד —
דרך אין דענקען. דאָס פֿעסטשטעלן אַן

אַלגעמיינעם פּרינציפּ (כּלל) דורך צעגלידערן אַ
באַגריף (אַ טעזע) אויף זײַנע באַזונדערע
סימנים, באַשטאַנדטיילן. אַ'ע פ ו נ ק צ י ע. אַ'ע
ש פּ ר אַ ך — וואו די בינדונגען צווישן ווערטער
זײַנען דערעיקר מיט דער הילף פֿון
פּרעפּאָזיציעס און הילפֿסווערבן, מיט דער הילף פֿון
באַזונדערע פֿונקציאָנעלע ווערטער, און ניט
מיט דער הילף פֿון פֿלעקטירטע פֿאָרמען.
־קייט.

אַנאַליסט

אַנאַליסט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע, ־ס.
1. אַנאַליטיקער. אָ פֿילאָסאָף אַן אַ'. 2.
אַנאַליזירער. פֿינאַנץ־אַ'. 3. ווער עס פֿאַרנעמט
זיך מיט פֿירן אַנאַלן, ← דוווו. קראָניקער.
4. אָנהענגער אָדער פּראַקטיציִרער פֿון
פּסיכאָאַנאַליז.
אַנאַלן — די. בּמ. <איי <ל. קראָניקעס,
ווערק וועגן געשעענישן לויט אַ שטרענגן
כראָנאָלאָגישן סדר. „אַ, — געשיכטע אין איר
פּרימיטיווער פֿאָרעם„. אַ, פֿון אַ דינאַסטיע. אַ,
פֿון אַ פּראָווינץ. די אַ, פֿון פֿאַרברעכנס. ‘‘דער
ספֿר דבֿרי הימים — ד אַ, פֿון די מלכים פֿון

י

יהודה און ישׂראל,,.. ,,די טשיקאַווע פּאַסירונג
מעג מען פֿאַרשרײַבן אין די אַ'“.

אַנאַלעפּטיק — די. <איי <גר. לערע
וועגן די מיטלען (אויך סכום מיטלען) צו
שטאַרקן דעם וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן
ערנסטע קראַנקייט. ־יש — אדי. אַ'ישע
מיטלען.

אַנאַלע'קט — דער, ־ן (געוויינלעך אין מצ).
<איי <גר. אויסגעקליבענע שטעל(ן) פֿון
ווערק פֿון איין שרײַבער אָדער פֿון פֿאַרשיידענע
שרײַבערס. אַ'ן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער
באַציאונג צו ארץ־ישׂראל.

אַנאַלפֿאַבע'ט — דער, ־ן. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
<איי <גר. ווער עס קען ניט לייענען און
שרײַבן. “וו אַזוי קענען מיר פֿאַרלאַנגען די

י

אײַנפֿירונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין די
עפֿנטלעכע שולן, ווען אין אונדזערע... אַ'
ןקורסן און ביבליאָטעקן איז די שפּראַך פּויליש
אָדער דײַטש“, [רעד, משה פּראָסטיג], יודישער
קאַלענדאַר לשנת תּרע״ב, לעמבערג 1911.
,,אונדזער פֿאַראיין האָט אַן ערך זעקס
פּראָצענט אַ'ן... אונדזער ערשטע אויפֿגאַבע —

געבן אַ פֿען אין האַנט, צו די אַ'ן,,, די גאַרבער,
און בערשטער שטימע, מאָסקווע 3 1928 'No.
־יזס. —־יש — אַדי. ־ישקייט.
אָן אַלף־ביתניק — דער, ־עס. וונ נבֿ, ווער
-
עס קען ניט דעם אַלף־בית. ,,מע בלײַבט אַן אָ,
אין אייגענעם לשון“, בצלאל שערמאַן, איק,
.II 19 9
אָנאָמאַטאָלאָגיע — די. בא. <איי <גר.
צווײַג פֿון לינגוויסטיק וואָס פֿאָרשט דעם
אויפֿקום און באַטײַט פֿון אייגננעמען (פֿון
פֿערזאָנען, ערטער). אויך: אָנאָמאַסטיק.
אָנאָמאַטאָפּיי ע — די, ־ס. <איי <גר.
1. דאָס פֿאָרמירן אַ וואָרט דורך נאָכמאַכן אַ
קלאַנג וואָס פֿאַרבינדט זיך מיט דער זאַך, מיטן
באַגריף, טואונג אע. 2. דאָס וואָרט גופֿא
וואָס איז דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ פּראָצעס.
דוגמאָות: קוקאַווקע, וואופּערווי'ל; מוקען,
האַווקען; רעווען, כליפּען, גרילצן; וואָיען, זשומען,
טרעשטשען. ־איש — אַדי. אָ'אישע
ווערטער. אָ'אישע טעאָריע אַז דאָס נאָכמאַכן
קלאַנגען פֿון דער נאַטור איז דער יסוד פֿאַרן
אויפֿקום פֿון שפּראַך.
אַנאָמאַל יע — די, ־ס. <איי <גר. אָפּווײַך

,
פֿון געזעץ'. 1. יעדער מין אָפּווײַך, אָפּנייג

1

פֿון דער נאָרמע. אומרעגולערקייט פֿיזישע אַ'.

.

פֿסיכישע אַ'. „איך וועל אײַך ווײַזן נאָך אָ גרעסערע אַ, אין אונדזער פֿירונג פֿון דער ווירטשאַ ט", פּינסקער שטאָדט־לוח, תּרס"ג. „אַן איינציק קינד לײַדט פֿון... אַ'ס", דר, י. רובין, די טראַגעדיע פֿון אַ בן־יחיד, בערלין 1926. "אַלע באַמיאונגען צו דערקלערן די אַ, פֿון דער מערקור־באַוועגונג אויפֿן גרונט פֿון די ניוטאָנישע געזעצן זײַנען געבליבן אָן דערפֿאָלג", גוטנ.
2. אויסנעם. דאָס וואָס איז ניט קאָנווענציאָנעל, ניט אָנגענומען, וואָס איז אַ סתּירה צו אַ כּלל אָדער צום דורכשניט. „די אייראָפּעאישע פֿעלקער האָבן די עקסיסטענץ פֿון די ייִדן צווישן זיך קיינמאָל ניט באַטראַכט אַנדערש סײַדן ווי אַן אַ'", זשיט II , נ"י 1912. „דאָס מזרח־ייִדנטום... אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם מיט אַלערליי אָפּצווײַגונגען און אָפּנייגן,

אַפֿילו מיט אַלערליי אַ'ס,,, קאָר II. ‘‘מיר וואָלטן
געוועזן אַ סך גליקלעכער, ווען אונדזער
אינדיווידועל און פֿאָלקיש לעבן וואָלט געווען פֿרײַ
פֿון אַלע אַ'ס‘‘, ש. ראַווידאָוויטש, ייִבֿל XXI, 2.
,,ווילן מיר דאָס אַלץ דערגרייכן דורך אָפּשאַפֿן
ד אַ, אויף וועלכער די געשיכטע האָט אונדז
י

פֿאַראורטיילט‘‘, גרינ, איד און וועלט ־יזס.
—יש — אדי. אַ'ישע דערשײַנונג.
־יסטיש — אַדי (אַסטראָנאָמיע) אַ'
יסטישער ח ו ד ש — די צײַט וואָס עס נעמט דער
לבֿנה דורבצומאַכן איר קרײַזוועג צום פּונקט
וואו זי איז צום נאָענטסטן צו דער ערד.
אַ'יסטיש י אָ ר — די צײַט וואָס עס געדויערט
בּ▯ אַ פֿלאַנעט דורכצומאַכן דעם פֿולן קרײַזוועג
י

צו אַ בּאַשטימטן פֿונקט. דאָס אַ'יסטישע יאָר
פֿון דער ערד — 26. 365 טעג.
אָנאָמאַסטIיק — די. <איי <גר. דזוו
אָנאָמאַטאָלאָגיע ← ־יש — אַדי. אָ'ישע
רשי▯

מות. ־יקאָן — דער. רשימה פֿון נעמען.
אויך: ווערטערבוך, ענציקלאָפּעדיע,

אײַנגעשטעלט לויט ענינים.
אַנאַמאָרפֿIאָזיע — די, ־ס. <איי <גר.
1. דעפֿאָרמירטקייט, אומסימעטריע. 2. ספּעצ.
ביסלעכווײַזער שינוי פֿון איין טיפּ צו אַ צווייטן
אין דער עוואָלוציע פֿון געוויקסן אָדער
בעליחיים. 3. (מאָלערײַ) מעטאָד פֿון צייכענען
און צייכענונג, ווען מע קוקט אויפֿן אָביעקט
פֿון אַ ספּעציעלן ווינקל אָדער אַזוי ווי ער איז
רעפֿלעקטירט אין אַ קרומען שפּיגל ־יש —

.

אדי. —אָסקאָ'פּ — (אָפּטיק) קרומער שפּיגל
אָדער אַן אַנדער מין אָפּטישער אינסטרומענט
וואָס ווײַזט די קאָרעקטע פֿאָרעם, וואָס איז
געוואָרן צעדרייט פֿון אַ'אָזיע.
אַנאָמ יע — די. בא. <איי <גר. 'אָן געזעץ,.
מצבֿ פֿון סאָציאַלער הפֿקרדיקייט. ,,אַ צושטאַנד
פֿון אַ,, אַ צושטאַנד ווען די אָנגענומענע
געזעצן, מנהגים, נאָרמעס און באַגריפֿן האָבן
פֿאַרלוירן זייער אויטאָריטעט“, אַ. מענעס פֿאָר,

▯ —

20 IX 1967. ־יש — אַדי.
אַנאַמנעזע — די, ־ס. <איי <גר. 1. דאָס
דערמאָנען זיך. 2. (פֿלאַטאָניזם) דאָס

דעראָנאַנדער

מאָנען זיך אידייען וואָס זײַנען געווען באַוואוסט
דער נשמה אין איר פֿריִערדיקן גלגול — מיטן
מעטאָד פֿון שׂכלדיקן אַנאַליזירן. 3. (
פּסיכ אַטריע) פֿולער סכום ידיעות וועגן פּאַציענט.
י
פֿון דער אַ, (לעבנס־געשיכטע) האָט זיך

״
געלאָזט אַרויסנעמען, אַז דאָס קינד האָט שוין
פֿריִער אַרויסגעוויזן אַן עפּילעפּטאָאידן
כאַראַקטער — רייצבאַרקייט, נייגונג צו כעס־אַפֿעקטן,,,
פֿ. שניאורסאָ, די קאַטאַסטראָפֿאַלע צײַטן אין
די וואַקסנדיקע דורות, בערלין, 1925?
אָן אַ מעסער — אַדוו פֿראַזע. אין
אויסדרוק: ק ו י ל ע ן , ש ע כ ט ן אָן אַ מ, = טאָן
שלעכטס, רואינירן, ליקווידירן עמעצן אָן
סימנים, סליאַדן, אָן פֿיזישע מיטלען. ״האָסט
גענומען... אַ גאַנצע שטוב מיט לעבעדיקע
נפֿשות... און האָסט זיי איבערגעקוילעט
דעם האַלדז אָן אַ מ',,, שע, טביה. ,,פֿלעגט
זי אָנהייבן צו שרײַען מיט אַלע קרעפֿטן,
געקוילעט זאָל ווערן איציק, ווי ער האָט מיר
געקוילעט אָן אַ מ',,, ש. ב[עקערמאַן], די גוטע

פֿרויא, ווילנע, יאָר? „־.— טאַטע, איך בין געשאָכטן אָן אַ מ'! מײַן שלימזל האָט באַגראָבן דעם גאַנצן נדן און מיר זענען באַנקראָט!“,
י. פּערלאָוו פּאַר, 30 1966 XII.

,

אָנאַמפּערן זיך — אוטוו ־ער זיך אָן, זיך

.

~געאַמפּערט. זיך (אָנ)קריגן; זיך שפּאַרן, טענהן מיט עמעצן און ניט קענען דורכקומען.
אָ, זיך איבער אַ נאַרישקייט. אָ, זיך איבער אַ קוצו של יוד.
אָן אָן פֿאַרטאָפּלונג פּון אַדוו אָן. “דו זעסט?
—

אָט קומט ער, אָן אָן“. „אָן אָן אין טאָל איז דאָס

הײַזל געשטאַנען“, שטערן, מינסק 8 7 1940, No.
אָנאַנאַנד — אַדוו. אָן דאָס אַנדערע. כסדר.
צוזאַמען. גיין אָ'. זיך ניט באַגיין אָ'. אויך:
אָנאַנאַנדער — “ענג אַן אננדר זײַנן דיא שופֿן דז מן ניט קאַן צווישן איין שופֿן און, אנדרן הקן אודר שיסן„, סהמ, איובֿ, מא, 7.
“צוויי רעקלכר אַן אננדר ווערין אויף גשנירט גיוועזין„, 'כּ„י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III].

אַנאַנאַ'ס — דער, ־ן. (באָט) געוויקס און
פּרוכט פֿון דרום אַמעריקע. ווערט קולטיווירט
-
אויך אין אַנדערע וועלטטיילן אין
טראָפּישן קלימאַט. דער אַ, ווערט
געגעסן רוי, קאָנסערווירט און
אײַנגעמאַכט. אַמ: פּײַנעפּל. „אַ'ן,
געבראַכט פֿון וואַרעמע לענדער אין
קאַלטן רוסלאַנד״, ייִז'... אַשכּנזי.
אַ'ן־בּ ו י ם. אַ'ן־ז אַ פּ ט. אַ'ן־ק אָ מ פּ אָ ט.
.A][ןanas c omO us

אַנאַנד — באַשטאַנדטייל פֿון אַ צאָל אַדווערבן.
למשל: אינאַנאַנד, אָנאַנאַנד, איבּעראַנאַנד,
דורכאַנאַנד, מיטאַנאַנד, נאָכאַנאַנד אאַ. [לויטן אויסלייג
פֿון ייִוואָ געשריבן באַזונדער.]
אַנאַנדער — אדוו קעגנזײַטיק. איינער דעם
אַנדערן. ״מיר וואָלטן זיך אַ, בעסער פֿאַרשטיין,,,
יד, אבֿן נגף ־דיק — „זיך אַ'דיק משפּיע

אַן אַנדער

געוועןֿ□, זאַקליקאָווסקי, לעצטע נײַס, ת"אָ,
5 II 1954.

אַן אַנדער — פּראָ. מצ אַנדערע (□) □
[בלײַבט אין דער זעלביקער פֿאָרעם פֿאָר אַ
סובֿ פֿון אַלע דרײַ מינים און אין אַלע בייגמאַלן:
אַן אַ, מאַן, אַן אַ, פֿרוי, אַן אַ, קינד; זען אַן
אַ, מאַן, חתונה האָבן מיט אַן אַ, פֿרוי, אָפּגעבן
די מתּנה אַן אַ, קינד.] ניט דע'ר, ניט די',
ניט דאָ'ס (יואָס מע זעט אים, מע רעדט וועגן
אים, מע האָט אים אין ז□נען), נאָר אַ צווייטער,
אַ צווייטע, אַ צווייטס (וואָס ווערט ניט
דערמאָנט). "זי האָט זיך אַרומגעפֿירט מיט אים
צוויי יאָר צײַט, אָבער אַן אַ, בחור איז
געוואָרן איר מאַן". "ס'ערשטע קינד אין גע□
שטאָרבן, אַ יאָר שפּעטער האָט זי געהאַט אַן אַ,
קינד". „אַן אַ, רינגעלע, אַ גאָלדנס, האָט מען
צוגעגנבֿעט". "ווי מע זאָל אַליין האָדעווען
סאַזשענצעס וועלן מיר... ריידן פֿאָדראָבנע
אין אַן אַ, ביכל פֿון אונדזער ביבליאָטעק",
מ װעללער, ווי מען □לאַנצט אַ סאָד, ווילנע
1900.

□נאַן אַנדער מאָל = בײַ (אין) אַן אַנדער

פֿאַל. ״דאָס ערשטע מאָל, דאָס צווייטע מאָל
האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, אָבער אַן אַ, מאָל
וועט זיך יאָ אײַנגעבן״ פֿטמ אַן אַנדערט
.
מאָל. „אַ קימפּעטאָרין דאַרף ניט צו פֿאַסטן
[אסתּר תּענית], נאָר דערנאָך זאָלן זיי אַן אַ,
מ אָפּפֿאַסטן דעם תּענית״, דרך אָדם, וואַרשע
,

1860. ￼ווערן אַן אַ, מ ע נ ט ש — זיך
ענדערן, ןיך איבערבײַטן; ווערן ווי נײַ־געבאָרן.
זיך אויסמענטשלען און ווערן אַן אַ, מ'. זיך
גוט אויסשלאָפֿן און אוי￼שטיין אַן אַ, מ'.
״כ'דערקען אים ניט, צײַט ער איז געוואָרן רײַך,
איז ער געוואָרן אַן אַ, מ'״. „אַיאָ, ס'איז גוט?
זאָגט צו מיר יוסף הצדיק וואָס האָט
איבערגעכאַפּט דעם הונגער... און... געוואָרן אַן אַ,
מ'„, שע, מע￼tיות פֿאַר ייִדישע קינדער II.
אַן אַנדערער — דער זעלביקער פּראָ,
ווען ער קומט פֿאַר זיך, אָן אַ סובסטאַנטיוו
אָדער נאָך אים. די פֿאָרמען: אַן אַנדערע,
אַן אַנדערס, אַן אַנדערן, אַן אַנדערער
(ווײַבלעך, דאַטיוו). חתונה האָבן ניט מיטן

חתן, נאָר מיט אַן אַנדערן. "נאָכן אומגליק איז דאָס געוואָרן אַ קינד אַן אַנדערס". „אַן אַנדערער זאָל אַזוי פֿיל ווי איך... איבערטראָגן צרות און לײַד... וואָלט ער, כלעבן, שוין לאַנג פֿאַרלוירן זײַן פֿאַרשטאַנד, זײַן געפֿיל", ממוס, קליאַטשע. „אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט געמאַכט אַ געשריי, אַז אַ האַלבע שטאָט וואָלט זיך צונויפֿגעלאָפֿן", באַש, גימפּל תּם.

אַנאַ'נדער(ש)מאָל — אַדוו ניט דאָס מאָל, אַ צווייט מאָל. בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט. אין

'

(בײַ) אַן אַנדער סיטואַציע. אויך דזוו אַן אַנדער מאָל. „איין מאָל איז ער גוט, כאָטש לייג אים צו צו אַ מכּה. אַ, בייזערט ער זיך און שרײַט מיט באַנומענע קולות'. „אַמאָל גיי איך צו גאַסט צו זיי, אַ, קומען זיי צו מיר„ פֿרגל:

—

·

אַן אַנדער מאָל

1426

אָנאַנטוישן זיך — אוטוו. איץ, אימפּ נבֿ; זיך ~געאַנטוישט. אָפּט, כסדר זיך אַנטוישן

(←). „וויי, וויי, וויפֿל מיר אַלע האָבן פֿאַר אָט
די יאָרן זיך אָנגעהאָפּט און אָנגעאַנטוישט„„
בּצג, טמז, 3 4 □ 19(XII.
אַנאַנטיש — אַדי. <איי <גר. וואָס האָט
ניט קיין בּלומען. אַ'ע געוויקסן.
אָנאַנ יזם — דער. בּא. אויך: אָנאַניע. <פֿון
תּנ אונן (נאָמען פֿון יהודהס זון. ← בּראשית,
לח, 9). מעשׂה־אונן, מאַסטורבּאַציע.
געשלעכטלעכע אַליין־בּאַפֿרידיקונג דורך פֿאַרשיידענע
מאַניפּולאַציעס מיטן געשלעכטלעכן אָרגאַן.
„... אַ סך יונגעלײַט נעמען דאָס אָן על־פּי
טעות פֿאַר אימפּאָטענץ... וואָס איז כּלומרשט
געקומען פֿון אָ'" פֿגעז, ווילנע 15 1929, No.

,

"די בּרייטע מאַסן... זײַנען ווייניק בּאַקאַנט
מיט די פֿראַגן פֿון געשלעכטלעכן
לעבּנסשטייגער. דאָס איז אויך איינע פֿון די סיבּות
פֿאַרוואָס דער אָ'... איז אַזוי מוראדיק

פֿאַר □

שפּרייט", טאָז, 20 □ 1928 I. ־אָפּאָבּיע —
מורא פֿאַר די אויסווירקונגען פֿון אָנאַניזם.
־יסט. ־יסטיש — אַדי. "מתּוך דעם

אָ'יסטישן קאָמפּלעקס לאָזן זיך איצט
פֿאַרשטיין...,,, מוו איבּז, פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז.
—ירן — אוטוו. זיך פֿאַרנעמען מיט אָנאַניזם.
אַנאָני'ם — אַדי. <איי <גר. 1. וואָס איז
אָן דעם נאָמען פֿונעם מחבר. אַ'ער בּריוו. אַ'ער
כּתבֿ־יד. אַ'ער ספֿר. אַ'ע אָפּטײלונגען אין אַ
בּלאַט־צײַטונג. די אַ'ע שאַפֿערס פֿון
פֿאָלקסלידער. ,,... כ'קריג בּריוו אַ'ע, פֿאַרבּונדן מיט
בּלוטיקן פֿאָדעם, כ'קריג בּריוו אַ'ע פֿאַרפֿלעקט
מיט ווײַבּערשע טרערן“, מאָל, פֿריידקע.

2. וואָס דער נאָמען פֿון דעם טוער איז
פֿאַרבּליבּן אומבּאַקאַנט, פֿאַרהוילן, אָ סוד. אַ'ער
נדבֿן. אַ'ער העצער.

3. וואָס מע קען צו דעם קיין נאָמען ניט
צוגעבּן. אַ'ע פּאָליטיק. ,,ער האָט אין יענע
אַ'ע מאַסן אויפֿגעוועקט היסטאָריש
אונטערדריקטע הונגערס און דאָרשטן,,, גרינ, מענטשן
און ווערטן.

4. וואָס האָט ניט קיין נאָמען. “זײַן קבֿר איז
געבּליבּן אַ, בּיז צום הײַנטיקן טאָג,,, מאַנ,
נאָענטע געשטאַלטן אַ'ע אַ ר ט ע ר י ע (
פֿיזיאָלאָגיע) — דער ניט־בּאַנאָמענטער
שלאָגאָדער וואָס גייט אַרויס צום ווײַטסטן פֿון דער
אַאָרטע. אַ'ע ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט אַן

אַק ----

ציִען־געזעלשאַפֿט וואָס אירע באַטייליקטע קענען בלייַבן אומבאַקאַנט מחמת זיי דאַרפֿן גאַראַנטירן נאָר מיטן אינוועסטירטן קאַפּיטאַל און ניט מיט זייער נאָמען (פּראַקטיצירט מערסטנס אין די ראָמאַנישע לענדער). ־יטעט. ־קייט — אַ, פֿון אַ מסירה.

אויך סוב. דער וואָס האָט עפּעס געשאַפֿן, געטאַן, דערגרייכט און זײַן נאָמען איז אומבאַקאַנט, אָדער ער וויל ניט אַז מע זאָל וויסן זײַן נאָמען. דער אַ, וואָס האָט געשאַפֿן ,די גענאַרטע וועלט'. ,,ווען מענטשן וועלן צוריקקריגן זייער טאַלאַנט תּפֿילה צו טאָן... וועלן

אָן אַן עק

זיי דאַווענען נאָר צו אַן אַ', נאָר צו אַן אומבאַקאַנטן,,, גרינ, מענטשן און ווערטן.

־יש — אַדי. וואָס איז אַזוי ווי בײַ אַן אַנאָנים. אַ'ישע אונטערזאָגענישן ־ישקייט.

.

אַנאָנימקע — די, ־ס. רוסיצ. סאָוו. 1. (מיט ביטול) אַן אַנאָנימער בריוו מיט אַ מסירה אָדער התראָה. 2. סיסטעם פֿון אַרבעט אין אַ

פֿאַבריק אָדער קאָלווירט, ווען עס ווערט ניט
פֿאַרצייכנט וואָס יעדע גרופּע (בריגאַדע) האָט
געטאָן. ״דאָרטן וואו די שטענדיקע
פּראָדוצירבריגאַדע איז ריכטיק אָרגאַניזירט, דאָרטן איז
ליקווידירט די אַ'... דאָרטן ווערט
פֿאַרגרעסערט די... פּראָדוקציע און די הכנסה פֿונעם
קאָלווירט״, באַהערשן די טעכניק פֿון דער סאָצ,
לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע, כאַרקאָוו
.No ,1932 2
אַנאָ'נס — דער, ־ן. <איי <פֿר. '
באַקאַנטמאַכונג'. 1. רעקלאַמע פֿון אַ קאָמערציעלן
כאַראַקטער דורך אַ באַצאָלטן טעקסט אין אַ
צײַטונג: מודעה פֿון אַרבעט־זוכערס, אָנבאָט
פֿון אַרבעט אע; ידיעה וועגן אַ טעאַטער־
פֿאָרשטעלונג, קאָנצערט, לעקציע אאַ. ,,פּריוואַטע
מיטטיילונגען, בקשות פֿון מענטשן וועגן
פֿאַרלוירענע זאַכן, אַ'ן וועגן זוכן אַ בעט צו
שלאָפֿן״, ייִז, דערציילונגען. ל י כ ט אַ, — מיט
-
עלעקטריש־באַלויכטענע אותיות. ,,פֿאַר וועמען
ליכט וואָס פֿרעסט די נאַכט און די אַ'ן אויבן,,,
מלה ,קעניג שלמה'. אַ'ן־ב י ו ר אָ. אַ'
ןמ אַ כ ע ר ײַ — ,,די קונסט־רעקלאַמע צו מאַכן
(זיך באַקאַנט צו מאַכן)... אַ'ן־מ, האָט זיך

אַזוי געשווינד בײַ אונדז אָנגענומען„, וואַר
שויער יודישע צײַטונג, וואַרשע 34 1867, No.
אַמ אָדווערטײַזמענט (→ 35). 2. מעלדונג.
באַקאַנטמאַכונג בעל־פּה. נר.
־ירן — טרוו. 1. געבן אַן אַנאָנס. אַ'ירן
דורך ראַדיאָ אָן אויספּאַרקויף. 2. מעלדן,
מודיע זײַן בעל־פּה. פאָרשטעלן אַרן עולם.
נר. רופן די אַרבעטער און אַ'ירן אָז עס וועט
מער ניט זײַן קיין אַרבעט. אַ'ירן דעם זינגער.
אויך מיט ז י ך — „... אונדזערע
קולטורעלע סוחרים, וואָס ווייסן דעם ווערט פון
אַנאָנסן, אַ'ירן זיך אין אַנדערע שפּראַכן, אין
יִדיש — באין־אופן ניט“, ליטא, ווילנע 1914.
„ער האָט געלאָזט אין אַלע צײַטונגען אַ'ירן, אַז
ווער עס [וועט] עפּעס מעלדן פון אים וועט
באַקומען אַ גרויסע סומע געלט„, ימבר“ע, די
עגינה, [איבז], בוקאַרעשט 1878. “... אָלע
איבעריקע אומנייטיקע אַרבעטן, ווי אַ'ירן פירן
,
באַנק־געשעפטן און דער גלײַכן, ועלן
נאַטירלעך אָפּגעשאַפט ווערן“, ש. פעסקין איבז,
ניעדער מיט דיא סאָציאַליסטען, נ״י 5 18.
—ירונג. ־ירער.

אָן אַן עק פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן בּ --

דער בּער איז אַוועק אָן אַן עק. 2. דזוו אָן אַ סוף (.). ,,.... און אַלעמאָל אויסמייקענדיק קענען זיי [די הײַפּיש] אַוועקפֿרעסן אַ גאַנץ לאַנגע צײַט אָן אַן עק און אָן אַ סוף", קמ, 46 1869, No. ,,די הימלען... האָבּן זיך אָנגעהויבּן צו אַרשפּרייטן אָן אַן עק", משה אַהרן

אָן אַן ערך

גליקמאַן מליקאָווא, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898. ,,דער רבּונו־של־עולם איז בּײַ אים [דעם בּראַצלעווער חסיד] תּענוגער פֿון תּענוגער, פֿרײלעכקייטער פֿון פֿרײלעכקייט בּיז אָן אַן עק,,, ציט צײַט, טמז, 29 5 19 I.

אָן אַן ערך — [... ערעך] 1. אַדוו פֿראַזע. קומט פֿאַר אַ קאָמפּאַראַטיוו. אָן אַ מאָס; אַ סך, גאָר אַ סך. אָן אַן ע, בּעסער (שענער, קלענער, ערגער אאַזוו). ,,אַוודאי איז דער יִדישער ישובֿ אין אַמעריקע אָן אַן ע, גרעסער ווי דער אַרגענטינישער,,, אפֿא, טמז, 20 1967 II. ,,סוף... אַכצנטן יאָרהונדערט... איז צײַג

געוואָרן אָן אַן ע, ביליקער,,, י. יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו 1925. 2. פּראַזע. ניט אָפּצושאַצן. ניט צו מעסטן. זײַנע קענטעניש זײַנען גאָר אָן אַן ע'.

אָנאַנקערן — טרוו ־ער אָן, ,געאַנקערט.

.

אַראָפּלאָזן דעם אַנקער און פֿאַרפֿעסטיקן פֿאַר.

אַנקערן. צואַנקערן. אָ, די שיפֿלעך. ,,זיי אַנקערן אָן די שיף, זיי זאָגן, דאָ ווערן זיי רוען דרײַ טעג,,, מע ה פליאות מג, אחים, וואַרשע 1875. מיט ז י ך — זיך אָנכאַפּן, אָנקלאַמערן זיך אין עפּעס. פֿעסט זיך אָנהאַלטן. אָ, זיך אין אַ גע שעפֿט. אָ, זיך אָן אַ געזעץ און געווינען אַ פּראָצעס. אָ, זיך אַן אַ טעאָריע, אַ באַווײַז. אָ, זיך מיט די ציין און נעגל.

אָן אַ סוף; — [... סאָף] פּראַזע. 1. וואָס האָט ניט קיין ענד. אָן אַן עק (←). אַ דערציילונג אָן אַ ס'. אַ מעשׂה אָן אַן אָנהייב און אָן אַ ס'. ,,די גרויסע ברייטע וועלט אָן אַן אָנהייב, אָן אַ ס'“, ממוס, ,בישיבֿה של מטה'. 2. וואָס הערט קיינמאָל ניט אויף. וואָס ציט זיך אָן אויפֿהער. רייד, טענות אָן אַ ס'. צרות אָן אַ אַ

ס'. 3. וואָס מע זעט ניט פֿון דעם דעם סוף.
וואָס נעמט זיך ניט אויס. זייער לאַנג (ברייט,
גרויס, פֿילצאָליק). וועלדער און פֿעלדער אָן
אַ ס'. שע ▯ נגעס מענטשן אָן אַ ס'.
ר

אָנאַסופּיק — אַדי. דזוו אָנסופֿיק. „די אָ'ע
כּוחות פֿון מײַן נשמה„, נאַד.
אָנאָסטאָטיש — אַדי. <איי <גר.
דערהויבן פֿאַרבעסערט פֿאַרגרעסערט. אַן אַ'ער
. .
איבערדרוק פֿון אַ ווערק.
אַנאַסטאָמאָ'ז — דער, ־ן. <איי <גר.
צושטאַנד וועו אַ הויפּט־קאַנאַל פֿון דער
בלוטצירקולאַציע ווערט פֿאַרשטאָפּט און דאָס בלוט
פֿליסט דורך שמאָלערע רעזערוו־רערן. ‘‘יעדער
אָדער האָט אַ גרויסן צווײַג פֿון זײַטיקע, שמאָלע
רעזערוו־רערן, דורך וועלכע די בלוט קען
אומגעשטערט פֿליסן אין פֿאַל ווען ס'ווערט
פֿאַרשטאָפּט דער הויפּט־קאַנאַל. דאָס ווערט אָנגערופֿן
א'„, צש פֿגעז, ווילנע 7 l924, No.
-
,
אַנאַסטע ▯ זיע — די, ־ס. <איי <גר. (מע ▯)
אָנפֿילעוודיקייט'. 1. אַלגעמיינער אָדער
טייל,

ווײַזער אָנוועך פֿון דער פֿעאיקייט צו פֿילן. [בײַ
אַן ערנסטער אָפּעראַציע שאַפֿט מען אויף אַ
קינסטלעכן אופֿן אַ ט אָ ט אַ ל ע אַ'. בײַ אַ
קלענערער אָפּעראַציע שאַפֿט מען אַ לאָקאַלע
אַ'.] „די ערשטע מדרגה פֿון אָפּפֿירונג ווערט

7

באַגלייט מיט אַ פּלוצעמדיקן שאַרפֿן און
שטעכיקן ווייטיק... און... מיט דער פֿולער
א, פֿון דער הויט„ פֿגעז, ווילנע 1940,
-...
,
2 .3 No. קראַנקער צושטאַנד וואָס מאַכט
אומשפּירעוודיק צו ווייטיקן (לאָקאַלער אָדער
אַלגעמיינער פּאַראַליז) ־(טי)זאַציע ־(טי)־
. .
זירן — טרוו. ־טיש — אַדי. אַ'טישע
מיטלען. געניצט אויך פֿיג. מאָראַליש
אומפֿילעוודיק. „בעת דער ייִד איז עטיש און דער
גריך עסטעטיש, איז אָט דײַן קריסטלעכקייט
געוואָרן אַ'טיש“, אַל III, 'די מאַדאָנע'. ־טיק
פֿארטויבונג־מיטל. געבן אַן אַ'טיק ־
טי— —
.
קער — דאָקטער וואָס פֿירט דורך די

אַנאַסטעזיע.

אַנאַסטראָפֿ(ע) — די (דער), ־ס (־ן). <איי <גר. 'איבערדריי'. אומשטעל פֿון ווערטער אין אַ זאַץ אַנשטאָט זייער געוויינלעכן סדר. דזוו אינווערסיע. 'אַהיים גייט ער, אַנשטאָט: 'ער גייט אַהיים'. אַ, ווערט געניצט ווי אַ רעטאָרישער מיטל צו פֿאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק.

אָנאַסרן — דזוו אויסאַסרן ←, 145.

אָנאָפּהאַלטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַן אָפּהאַלט; וואָס מע קען (טאָר) ניט אָפּהאַלטן. „... לויט ווי ער פֿאַרשטייט עס און פֿאָדערט אָ, און אָן וואַקלעניש", א. י. זאַקוסקי, דוד עדעלשטאַט..., בּ"א 1955. ־יקייט.

אָנאָפּהאַלטלעך — אַדי. נעאָל. ראָכקינדשקליאַר ווב. וואָס מע קען ניט אָפּהאַלטן. אָ'ער אָנגריף. אָ'ער שטראָם ענערגיע. ־קייט.

אַנאַפּטאָטיש — אַדי. <איי <גר. וואָס האָט די טענדענץ צו פֿאַרלירן ענדונגען פֿלעק,

סיעס, בייגפֿאָרמען. אַן אַ'ע שפּראַך. אַ□ אַ'ער פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון אַ שפּראַך. ענגליש איז אַ'. ייִדיש איז אַ, אין פֿאַרגלײַך מיט מיטל־הויכדײַטש.

אַנאַפּטיק□סע — די, ־ן (־ס). <איי <גר.

(שפּראַך) 'אויסברייטונג'. דאָס אײַנשליסן אַ
וואָקאַל צווישן צוויי קאָנסאָנאַנטן [למשל, בײַ
די וואָס ריידן אַרויס אידעאַליזום אַנשטאָט
אידעאַליזם. אַהערצו קען אויך געהערן דער
סוואַראַבהאַקטי־וואָקאַל: מילעך אַנשטאָט מילך].
־טיש — אַדי. אַ'ער וו אָ ק אַ ל.
אָנאָפּלייגיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
(דאַרף) ניט אָפּלייגן. אַן אָ'ער באַשלוס. אָ'ער
ענטפֿער. ־יקייט.
אָנאָפּנייגבאַר — אַדי. נר. וואָס מע קען
(זאָל) ניט אָפּנייגן פֿון דעם. „אָננעמען דעם
באַשלוס פֿון פּלענום אויף אויספֿילן אים אָ,“,
סאָוו, צ, [נש, ישפּ, 3(10)].
אָן אַ פּנים — [... פּאָנים, ־נעם] פֿראַזע. וואָס
האָט ניט דאָס פּאַסיקע, ריכטיקע אויסזען,
מאַכט ניט קיין אײַנדרוק, דריקט קיין זאַך
ניט אויס. “די גאַנצע אונטערנעמונג איז אָן
אַ פּ',,.
אַנאַפּע'סט — דער, ־ן. <איי <גר. (
פּראָסאָדיע) פֿערזנמאָס פֿערזנפֿוס וואָס באַשטייט
,
פֿון צוויי אומבאַטאָנטע און איין באַטאָנטן

אַנאָפֿעלע

טראַ קו, מען די צײַ'ט און די

איז ניט ווײַ'ט

צײַ'ט ,, —יש — אַדי.

.

עס וועט,, .

אָן אָפּשטעל פּראַזע. וואָס איז כּסדר,

אָן אַן איבעררײַס. אַ מאַרש אָן אָ'. אַ פֿלי אָן אָ, פֿון ניו־יאָרק קיין תּל־אָבֿיבֿ. אָן־אָ'־פֿלי. אַ גאַנג אָן אָ'. אָן אָ'־גאַנג. אָנאָפּשטעליק — אַדי.

-

אָ'ע באַוועגונג. ,,בענזין... צום ווײַטער דיקן אָ'ן לאַנגן פֿלי איבערן ים“, סוצ גק, No 8 .

אַנאַפֿאַ'ז — דער. (בּיִאָלאָגיע) די פֿאַזע וואָס קומט נאָך מעטאַפֿאַז, ווען די אויפֿגעקומענע כראָמאָזאָמען רוקן זיך אָפּ איינער פֿון צווייטן צו ד אַקעגנדיקע גרענעצן פֿון צעלטל (קעי מערל).

אָן אַ סאַרוואָס — (אַדוו) פֿראַזע. אָן אַ סיבּה, אָן אַ בּאַגרינדונג, אָן אַ וואָרנונג. וואָס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל. „אָן אַ פֿ, האָט ער אים אָנגעהויבּן זידלען און אים געמאַכט מיט בּלאָטע צו גלײַך„. “און איך פֿרעג, אויבּ ס'איז מעגלעך אַז הייליקע בּלוט זאָל ווערן פֿאַרגאָסן אָן אַ פֿ'“, ש. ז. רובּין, [מינפּי III], נ„י 1956. אָן אַ פֿ, און אָן אַ פֿאַרווע'ן = אָן

שום סיבּה.

אַנאַפֿאָ'רI(ע) — די, ־ס, ־ן. >ארי >גר (רעטאָריק) דאָס איבּערחזרן אַ וואָרט אָדער אַ גאַנצע פֿראַזע (אין רייד אָדער שריפֿט) כּדי צו פֿאַרשטאַרקן דעם רושם בּײַם צוהערער אָדער לייענער. ־יש — אַדי. „די װענדונגען, אויסרופֿן... אין דעם פֿאָרלייענערס מויל האָבּן געהויבּן און געשטאַרקט די עמאָציאָנעלע שטימונגען, אַזוי אויך האָבּן געווירקט די אַ'ישע שורות, די איבּערחזרונג פֿון אַ שורה„, מינפּי II. אַ'ישע ק אָ מ פּ אָ ז י צ י ע — לענגערער אויפֿזאַץ מיט אַנאַלאָגיש־געבּויטע שורות.

אַנאַפֿילאַקIסיע — די, ־ס. <איי <גר
(מעד) 'קעגנשוץ'. געהעכערטע פֿילעוודיקייט
פֿון אָרגאַניזם לגבי אַ גיפֿט אָדער אַן
אייוווײַסשטאָף, אַרויסגערופֿן דורך אָן אײַנשפּריצונג
פֿון זעלביקן גיפֿט אָדער אייוווײַסשטאָף (ווערט
באַנוצט בײַם שטעלן אַ דיאַגנאָז). היפּוך:
אימוניזאַציע, ←. „קראַנקהאַפֿטע דערשײַנונגען וואָס
זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער שפּײַז ווערן
אָנגערופֿן דערנערונגס אַ'„ פֿגעז, ווילנע 21 1930' No.

־טיש — אַדי. „... אויב מע מוז צוליב
וועלכע ס'איז... סיבּות מאַכן אײַנשפּריצונגען
פֿון פֿערד־סערום קען דאָס, הגם אין זעלטענע
פֿאַלן, אַרויסרופֿן אַ'טישע רעאַקציעס“, טאָז,
.No ,1931 34

אַנאָ'פֿעלע — די, ־ס. <איי <גר. פּפֿ:
אַנאָפֿעלעס, דער. מאַלאַריע־מוק. מין פֿון די
שטעכיקע מוקן וואָס פֿרוכפּערן זיך אין זומפּן
און שטייאיקע וואַסערן און שטעקן אָן דעם
מענטשן מיט מאַלאַריע. [די פּיאָנערן אין
ארץ־ישׂראל האָבן אַ סך געליטן פֿון זומפּ־פֿיבער,
אָנגעשטעקט פֿון דער 'אנופֿלת'.] „... די אַ'ן
האָבן פֿײַנט די זון, די לבֿנה איז זיי פֿיל
ליבער“, ל. חיין, טאָג־אײַן טאָג־אויס, ב„א 1954.

"... די פּאַסיקע אומשטענדן זיך צו פֿאַרבינדן
געפֿינען זיי [די ספּאָרן] אין דעם קערפּער פֿון

□

אַנאָפּראָדיסיע

אַ געוויסן מין מאָסקיטאָ וועלכער הייסט אַ',,,
דר, י. מעריסאָן, היגיענע.

אַנאָפֿראָדיס□יע

— די. בּא. □איי □גר
(מעד) מצבֿ פֿון אָנווער אָדער אָפּשוואַכונג פֿון
סעקסועלן בּאַגער. —יש — אַדי. —יאַקיש
— אדי. וואָס פֿאַרמינערט דעם סעקסועלן
בּאַגער. אַ אַקישער מיטל.

,'

אָן אַ צאָל פֿראַזע אויך: אָן צאָל. אין
□---.

אַ גרויסער צאָל. זייער אַ סך. אומצאָליק
פֿאַר.
בּרעכנס אָן אַ צ'. "גאַנץ־דערפֿרוירענע
שוועלבּעלעך אָן אַ צ, ליגן טיף אין אַ זומפּ דעם
ווינטער איבּער", ממנס, שירה. ,,און ווי דער
היישעריק □עלדער פּרעסט, אַזוי בּאַפֿאַלן מיר

אָן צ, מיט פֿײַער און מיט שאַרפֿן שטאָל דאָס
בעסטע פֿון אַמאָל“, מלה, אין ניו־יאָרק
אַ'נאַצ אָנאַ'ל — אַדי. ניט־נאַציאָנאַל. וואָס
י

האָט ניט קיין שײַכות מיט דעם וואָס איז
נאַציאָנאַל. „ניט בלויז זײַנען זיי אַ, און גאַנץ אָפֿט
אַנטי־נאַציאָנאַל„, לע, טמז, III 1964 6 —קייט.
.
אָן אַ צײַט פֿראַזע. 1. אַ לאַנגע צײַט.
— —
אַ לענגערע צײַט. “דו וועסט דאָך מיר מיט דײַן
פֿירונג אין דער ערד אַרײַן טרײַבן, אַ צײַט
אָן אַ צ, וועל איך פֿון דיר האָבן„, ש.
בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס 1887.
2. אָן אַ באַשטימטער דאַטע (שעה, חודש, יאָר).
אַרויסשיקן פֿאַרבעטונגען אָן אַ צ'. „אַ טראַטע
האָט בײַ אונדז געהייסן אַ וועקסל אָן אַ, צ'„.
3 פֿאַר דער צײַט. “סטײַטש, מע דאַרף קיין
.
הייבאַם ניט? דו וועסט דאָך אַוועקגיין אָן אַ
צ'“, מ. יודעלטאָהן, דער ממזר אַלט דאָקטאָר,
ווילנע 1927.
אַנאַקאָלו'ט — דער, ־ן. >איי >גר. (

רעטאָריק) דאָס פֿעלן פֿון אַ ריכטיקן גראַמאַטישן
סדר אין אַ זאַץ אָדער יעדער אַנדער
אומגראַמאַטישקייט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון צו
שטאַרק עמאָציאָנעלן ריידן אָדער שרײַבן.
אַנאַקאָנדע — די, ־ס. (זאָאָל') וואַסער־באָאַ.
ריזנשלאַנג פֿון דרום אַמעריקאַנער קאָנטינענט.
-
האַלט זיך אויף
מערסטנס אין
וואַסער, קען זיך
אָבער אויך
אַרויפֿדראַפּען אויף
הויכע ביימער.
נערט זיך מיט
פֿיש און וואַסערפֿייגל. „.... אויפֿן צווייטן אָרט
גייט אַ שלאַנג וואָס הייסט אַ'; זי לעבט אין
הייסן דרום אַמעריקע„, א יאַקובזאָן פֿאָר, 1962
-
,
.][u][ɲe es mu]][ɲus.l4 I
אָן (אַ) קאָפּ פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן

ב: געפֿינען אַ הרוג אָן אַ ק'. קללה: אָן אַ ק,
ווערסטו בײַ מיר אַוועקגיין. „אַז שוין געשלאָגן

זיך, האָט איינער פֿון איַך באַדאַרפֿט
לכלהפּחות אַוועק אָן אַ ק'", בּ. גאָרין, דיא
מזיקים..., נ„י 1900. 2. פֿיג. צעטומלט;
צעטראָגן; צעחושט. אין אַן אויפֿגערעגטן
צושטאַנד. „מיט אַ ווייַבּ איז מען אָן אַ ק', אָן אַ
ווייַבּ איז מען אָן אַ האַנט", שוו. „ווי אָן אַ ק,

1423

איז חנהלע אַרומגעגאַנגען אין שטאָלצן
פֿעטערסבורג", יהל, די אונבּעקאַנטע פֿערליעבּטע,
וואַרשע 1901. 3. אָן שׂכל. ניט פלאַנמעסיק.
אָן סדר. אַרבּעטן אַן (אַ) ק'. (טאָן) אַן אַרבּעט
אָן ק'.
אַנאַקאַ'רד — דער, ־ן. (בּאַט) בּוים און
קוסט פֿון דער פֿאַרצוויַיגטער געווייקסן־משפּחה
אַנאַקאַרדיצעעס. וואַקסט אין טראָפּישע געגנטן.
די פֿרוכט פֿון אַ„ אַ נוס די
גרייס וו אַ בּאַרנע, איז גוט
י

צום עסן. מע בּאַקומט אויך
אַרויס פֿון אַ, שאַרפֿן אייל
(קאַרדאָ'ל) וואָס ווערט גענוצט

אין דער מעדיצין און אין
כעמישער טעכנאָלאָגיע. דאָס
האָלץ פֿון אַ, (אַקאַזשו־האָלץ)
ווערט געניצט אין דער
פֿאַבריקאַציע פֿון טײַער מעבל.
,,אַ גרויסע סגולה צו שאַרפֿן דעם זכּרון...
קויפֿן אין דער אַפּטייק 'אַנאַקאַרדינאַ, און דרײַ
מאָל אין דער וואָך זאָל מען פֿון דעם עטוואָס
אײַננעמען“, טאַרלער רבּי, סור I, לאָדז, 1910(?).
.Anacar(]▯um oc▯(▯ ▯(](▯nו[a1(▯
אַנאַקלי▯ זיס — דער, ־ן. <איי <גר. (
פּסיכאָאַנאַליז) דאָס אויסקלײַבן אַן אָביעקט פֿאַר
'ליבּידאָ, אויפֿן סמך פֿון ענלעכקייט מיט אַ
פֿערזאָן וואָס איז געווען באַזונדער ליבּ אין
די פֿריִע קינדעריאָרן ־טיש — אַדי.
.
אָנאַקערן — טרוו. אַקער אָן, ~געאַקערט.
1. גוט (פֿאַר)אַקערן. אויפֿאַקערן. אַ סך אַקערן.
אָ, די אויסגעטריקנטע ערד. אָ, אַלע פֿעלדער.
2. שווער האָרעווען.
מיט ז י ך — אָ, זיך אַ גאַנצן טאָג אויפֿן
פֿעלד און אַוועקפֿאַלן ווי אַ סנאָפּ. אָ, זיך ווי
אַן אָקס בײַם פֿאַרדינען אויף חיונה. *(אָנ)אַקערן
(זיך) מיט דער נאָז = זוכן, נישטערן צו

פֿאַרדינען אויף אויסקומעניש. שווער אַרבעטן אויף (צו האָבן) פּרנסה.

אַנאַקרוזע — די, ־ס. <איי <גר. אויך: ־קרוזיס, דער. אַ טראַף אָדער אַ פּאָר טראַפֿן בײַם אָנהייב פֿון אַ פֿערז וואָס גייען ניט אַרײַן אין חשבון פֿון פֿערזנטאַקט. אַן אויפֿטאַקט אין מוזיק.

אַנאַקרעאָנטיק — די. מצ נבֿ. <איי <גר. פּאָעזיע וואָס באַשטייט פֿון לײַכטע, באַחנטע, פֿריידיקע לידער, אַזוי ווי עס האָט געשאַפֿן דער אַנטיקער גריכישער דיכטער אַנאַקרעאָן [563 — 478 פֿאַר אָצ]. ־טיש — אַדי. אַ'טישע אָדע.

אַנאָ'ר פֿטמ. דזוו נאָר. ,,מיר וועלן ניט

שרײַבן, אַ, וואָס איז נוגע אונדזער ענין“; ,,אַ, צוליב דעם אָרעמאַן... האָבן זיי געקוילעט אַ בהמה“; ,,געגעבן צדקה, אַ, נאָך זײַנע עשירות איז דאָס געוועלן ווינציק,,, חיים יצחק גאַנדמאַן מקאַרלין, סגולה לעשירות ואריכות ימים, וואַרשע 1904. געניצט ספּעץ ווי אַ וואָרנונג. ,,קענסט אַרויסגיין זיך שפּילן, אַ, בלײַב לעבן הויז“.

אָנאַרבּעטן

אָנאַרבּלדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַרבּל. אַן אָ'ע וואַרעמע וועסט. ▯וואָלט דאָס שוין זייער ענלעך געווען צו אַן אָ, פֿרויען־העמד, וואָס מע טראָגט אַצינד,,, י. יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו l925.

אָנאַרבּעטן — טרוו ־בּעט אָן, ~געאַרבּעט.

..

1. פּראָדוצירן, אויספֿאַרטיקן אַ סך, אַ גרעסערע צאָל. אָ, דורכן טאָג אפֿשר פֿינף טוץ היטלען. ▯דאָס האָבּן די דרײַ כּתּות קנעכט אַלץ אָנגעאַרבּעט אין דער מדינה", נחב, 'מעשׂה מהז, בּעטלירס'. אומאיידל: אָ, קינדערלעך. 2. טאָן יעדער מין אַרבּעט קאָמפּליצירט, מיט צוגאָבּן. אָ, אוזאָרן אויף די ווענט. אָ, אַ מגן־דוד אויפֿן טלית־זעקל. אָ, אַ צווייטן גאָרן אויף דעם הײַזל. אָ אַ טורעם אויפֿן חתונה־טאָרט. אָ, פֿיתום און

,

רעמסס.

3. אַ לענגערע צײַט שווער אַרבּעטן, האָרעווען און דערגרייכן. אָ אַ פֿאַרמעגן. איר,

,

מיט ווייטיק: אָ, אַ פּאָר געשוואָלענע הענט;
אָ, אַ האַרצפּעלער. 4. אַרבעטן שלעכט,
קאַליע מאַכן. „וואָס האָסטו דאָרט אָנגעאַרבעט?
מע דאַרף אַלץ איבעראַרבעטן„.
5. אָנמאַכן עפּעס וואָס איז שלעכט, נעגאַטיוו.
אָ אַ צרה, אַ שׂריפֿה אאַ. אָ אַ גאַנצע מהומה.
'
אָ, אַ פֿלאָנטער ניט אַרויסצוקריכן. אָ, מחלוקתן.
אָ, אין מוח אַ גרימעניש. "גלייבט מיר
בפֿירוש, אַז דאָ פּאָרעט זיך דער שׂטן... כּדי ער
זאָל אָ, אַ געקריג צווישן די גוטע־ייִדן", גע—
נאַרטע וועלט, 1815? "די פּוחזים האָבן אַזוי
אַ הריגה אַנגעאַרבעט אין בית־המדרש, אַז דאָס
בלוט איז גערונען איבער די שוועלן„, מע t ה
אומן. „איז דאָס דער תּכלית פֿון ביכער מאַכן
אָנצואַרבעטן שׂנאה אויף דער וועלט?", אבג,
דער יוד אין קיִעב [הש I]. „אַזאַ שקאָץ זאָל
אָ, אַזאַ קאַלביליק [= מישענינע]„, יאַ, די
גענאַרטע וועלט, אַדעס 1870. „ער איז אין כּעס
אַרײַנגעקומען, אַז ער האָט שיִער אַ גאַנצע
הריגה אָנגעאַרבעט", ראָבינזאָהן II, ווילנע 1880.
„הכּלל ער האָט זיך מיישבֿ געווען און האָט
זיך כּלומרשט געלאָזט פֿון זײַן ווײַב
אָפּסעקוועסטירן און האָט דאַבײַ אָנגעאַרבעט אַ

גאַנץ גרויסן קראַך", מ. מ. אויזערקיס, דער
פּריוואַטלעהרער I, דראָהאָביטש 1898. „נאָר
איך אַליין האָב דאָס אָנגעאַרבעט מיט מײַן
שווײַגן", ב. בעקערמאַנן, דער יודישער
שפּיעגעל [זב], וואַרשע 1895. „ווער ס'האָט
אָנגעאַרבעט דעם צוגעשניטענעם באָיקאָט און די
היסטעריקע", יג, טמז, 1963 XI 15. *אָ, אַ
ח ת ו נ ה = טאָן עפּעס אַזוינס מע זאָל האָבן
צו זינגען און צו זאָגן; אָפּטאָן אַ שטיקל
אַרבעט מע זאָל זיך שפּעטער קראַצן. „מיט איר
גלאַט צינגעלע וועט זי נאָך אָ אַ חתונה„. „ווען
,
ייִדיש וואָלט געהאַט אַזאַ משוגענע אָרטאָגראַפֿיע
ווי ענגליש און פֿראַנצייזיש, וואָלטן די
חטאימזובערס געמאַכט אַ גאַנצן צימעס דערפֿון...
אָנגעאַרבעט אַ חתונה„, א. אַלמי פֿאַש, 1952
,
II 8. אָ אַ מ ע שׂ ה = אָנמאַכן אַ פּלאָנטער,
, .
אַ פֿאַרדרייעניש, אַן אינטריגע; עפּעס אַזוינס
וואָס מע וויל בפֿירוש ניט דערמאָנען. עפּעס
אָנאַרבעטן זיך

אָפּטאָן. ,,ער האָט אָנגעאַרבעט אַ מעשׂה און

עס קומט איס קרימינאַל,,. *אָ, מ עשׂ י ם =
א) אָנטומלען. איבערקערן די וועלט. די קינדער
אַרבעטן אָן מעשׂים; ב) זייער ענערגיש אַרבעטן,

שטרעבן עפּעס צו דערגרייכן, יך ניט
אָפּשטעלנדיק פֿאַר שוועריקייטן. אָ, מעשׂים כּדי
צו ווערן גבאי, כּדי די פּאַרטיי זאָל זיגן ביַי
די וואַלן פֿון דעם 'כּהא, [לחמא] האָט ער

,, .
געמאַכט פֿיס גליַיך צו די אַרבעה בנים, אָט
דערויף האָט ער אָנגעאַרבעט מעשׂים", דער
יודישער פֿאַר פסח, וואַרשע 1881. אָ אַ

,
ס ר אַ ט ש, אַ ש ט ו נ ק = גראָב. דזוו אָ אַ מעשׂה.

,
־ונג פֿאַרקויפֿן די גאַנצע אָ'.

אָנאַרבעטן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. ספּעצ ב3
אָ, זיך און ווערן טויט־פֿאַרמאַטערט. אָ, זיך
מאַזאָליעס אויף די הענט. אָ, זיך אַ צרה. אָ,
זיך אַ קניפּל, אַ באָנדל מיט געלט אויף די
עלטערע יאָרן. אָ, זיך אַ גוטן נאָמען. ,,דער
מענטש אַרבעט זיך אָן און מאַטערט זיך אָן

אויף דער וועלט“, דרך עולם, וואַרשע 1861.
"איך האָב מיך שוין דאָרט געגוג אומזיסט
אָנגעאַרבעט, — זאָגט יאָסל דער שנאָרער“,
מ. מ. אויזערקים, דער פּריוואַטלעהרער III,
דראָהאָביטש 1898. צום ב: „אַ נאַר אַרבעט
זיך אָן מיט די ליפּן„, מס, משלי תקע„ד, י, 10.
אַנאָרגאַניש — אַדי. <איי <גר. דזוו
אומאָרגאַניש, ספּעצ ב2, 525. אַ'ע כעמיע. אַ'ע
שטאָפּן. אַ'ע זײַערסן, זאַלצן. אַ'ע
פֿאַרבינדונגען.
אָנאַרגומענטירן זיך — אוטוו ־טיר זיך אָן,
.
זיך ~אַרגומענטירט. אַרגומענטירן אַ סך;
דעבאַטירן. „אָבער ביז איך וועל דערפֿירן ביז
צו אָט דעם אויספֿיר, וועל איך דאַרפֿן געגוג
זיך אָ'„ ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן....
אָנאַרודעווען — דזוו אַרודעווען (←), נאָר
עמפֿאַטישער.
אָן אָרט פֿראַזע. אויפֿן אָרט, במקום.

„אַבֿרהם זאָל נעמען אַ ווידער אָן אָ, פֿון יצחק
פֿאַר אַ קרבן„, מחזור קרבן אַהרן, יום־כיפּור,
ווילנע 1868.
אָן אַ ריר פֿראַזע. 1. מיטן ערשטיקן ב.

ניט צורירנדיק זיך. "רוק זיך אָפּ! אָן אַ ר,,,.
2. ניט באַוועגנדיק זיך, ניט רירנדיק זיך פֿון
אָרט. ,,אין דרײַ זאַכן דערקענט מען אַ ייִד,
האָט געזאָגט ר, יצחקל וואורקער, זצ"ל: אין
טאַנצן אָן אַ ר', אין שרײַען שווײַגנדיק און
אין בייגן זיך — אויפֿגעשטעלט,,, דר, ה.
זײַדמאַן, טמז, 26 I 19 4 I.

אַנאַרכיאל — [... כיִעל] שפּאַסיקער נאָמען
פֿאַרן מלאך פֿון אַנאַרכיזם, תּפֿלה זכה, יצאה
לאור על ידי אגודת אַרבײַטער פֿרײַנד, תּשרי —
תּרס,,ב, לאָנדאָן.

אַנאַרכ יזם — דער, ־ען. 'אָנהערשאַפֿט,.
מאָראַליש־פּאָליטישע שיטה אַז עס דאַרף ווערן
אָפּגעשאַפֿט יעדע אָרעם פֿון הערשונג מצד
איין מענטשן איבער אַ צווייטן; אַז אַ פֿרײַע
פֿעדעראַציע פֿון פֿרײַוויליקע פֿאַראייניקונגען
דאַרף פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון צוואַנג־

אָרגאַני1

זאַציע אין דער געזעלשאַפֿט. ,,אַ, שטרעבט צו
פֿולער פּאָליטישער און סאָציאַלער פֿרײַהייט".

,,אַחוץ אָ'־אינדיווידואַליזם, איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַ'־קאָמוניזם“, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

־יסט — דער, ־ן. ווב ־ין, ־קע, ־ס.

אָנהענגער פֿון אַנאַרכיזם. די קאָמוניסטישע קעגנערס פֿון די אַ'ן. “און דאָ טרעטן אַרויס די אַ'ן און סינדיקאַליסטן און ווילן אונטעררײַסן די אַרבּעט אין די פֿאַראיינען“, י. יאָפֿע, אין קעסלגרובּ, מאָסקווע 1929. ־יסטיש — אַדי. קראָפּאָטקינס (בּאַקונינס) אַ'ישע טעאָריע.

“... ער [פֿאָרד] וועט חרובֿ מאַכן אַלע אינדוסטריעס אין אַמעריקע מיט זײַנע 'אַ'יסטישע, דרכים פֿון הפֿקרדיק איבּערצאָלן די אַרבּעטער,,,

פּ. קאָנסטאַן פּאַש, 15 ם 1955 II. ,,אַן אומדער,

מידלעכער... פֿאַרעקשנטער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון דעם אַ'יסטישן אידעאַל“, אַ. גאָרדין, יאַנאָווסקי, ל“אַ 1957.

אַנאַרכIיע — די, ־ס. <איי <גר. אָן

הער,

שאַפֿט'. 1. פּאָליטישע און סאָצ אַלע

אומי

-

אָרדענונג, אָן שום רעגירונגס־קאָנטראָל. "וואו ... אַ, איז קיין אמתע פּרײַהייט ניטאָ".

2. אידעאַלע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג לויט דער שיטה פֿון אַנאַרכיזם. ,,... אַ, איז די אָפּלייקענונג פֿון יעדער הערשאַפֿט, פֿאָלגלעך איז דער אַנאַרכיזמוס ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס שטרעבן צו שאַפֿן אַ סאָצ אַלן צושטאַנד וואו

י

די באַהערשונג פֿון איין מענטשן דורך אַ צווייטן מענטשן איז אוממעגלעך", ר. ראָקער איבז, יאָהאַן מאָסט, דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1906. ־יש — אַדי. וואָס איז אין אומאָרדענונג, הפֿקרדיק. "צום גרויסן אומגליק איז די דערציאונג פֿון פּאָגראָם־יתומים בײַ היינטיקן טאָג זייער אַ'יש,,, פּ. שניאורסאָן, די קאַטאַסטראָפֿאַלע צײַטן..., בערלין 25□1?

־ישקייט — "די ווידערשפּרוכן און די אַ,־ ישקייט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג האָבן ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו לייזן אַזעלכע גרויסע קאָמפּליצירטע אויפֿגאַבעס", י. קאַמענעצקי, דער זיג באַם דניעפּער, מאָסקווע 1932 -

.

אַנאָרמאַ'ל — אַדי. אומנאָרמאַל (→ 606),
ניט־נאָרמאַל. „קיין צד לייקנט ניט אַז די
בּיזאַהעריקע בּאַציאונגען זײַנען געווען אַ', אַז אין
זיי איז געלעגן די געפֿאַר פֿון דעם וועלטקרי',
זשיט IX, נ„י 1919. ־קייט.
אָן אַ שיעור — [... שיר] פּראַזע. אָן אַ
מאָס. זייער אַ סך. אומצאָליק. ניט
איבּערצוצײלן. <לערנען אָן אַ ש, = כּסדר, אַ סך, אָן
אַן אײַנגעשטעלטער פּאָרציע פֿאַר יעדן טאָג.
דערפֿון אויך: אַרבּעטן, טאָן עפּעס אָן אַ ש'.
„אָן אַ ש, אַרבּעט איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן
אין דער אונטערנעמונג“. מישן אָן אַ ש, די
פֿארבּ   פֿון אַ קליין ישיבֿהלע איז
אויסגע־. „
וואַקסן אַ ישיבֿה... מיט נדרים ונדבֿות אָן אַ
ש'“, קמ, 1868, No 21. „גרויס איז זי בּײַ זיך
אָן אַ ש'„, עט, לידער. „די וועלט איז רײַך
מיט גליק און אומגליק, מיט פֿרייד און צרות

אָנבּאַגעגענען

אָן אַ ש'„, וו. קאַיזער [מינפּי III]. „עס זײַנען
דאָ מענטשן וואָס האָבּן זיך אָנגעזען און
אָנגעהערט אָן אַ ש, זאַכן — און ס'איז גלײַך ווי

גאָרנישט,,, שנ, קריטיק און קריטיקער, א
1959. ,,די ייִדיש־סבֿיבֿה איז הײַנט נאָך אָן אַ
ש, מער אַטאָמיזירט איידער בײַזן חורבן‘‘, מוו,
ייִשפּ XIX, 2. ‘‘איבער אַלע מרחקים האָבן
געלויערט אָן אַ ש, פֿאַרשנדיק־בייזע אויגן,,, מ.
שטריגלער, איק, X l946 4. ,,אין דער
נאַטירלעכער מענטשלעכקייט ליגט אָן אַ ש,
אוממענטשלעכקייט‘‘, א. מענעס, פֿאָר, XII 1962 29.
אָן־אַ־שיעורדיק — אָ'ע באַמיאונגען.

אָנאַשן — טרוו. אַש אָן, ~געאַשט. אָנשיטן,
פֿאַרשיטן, אָנוואַרפֿן אַש. אײַנבּרודיקן מיט אַש.
אָ, דעם גליטשיקן וועג מע זאָל ניט אומפֿאַלן.
‘‘דו האָסט שוין אָנגעאַשט אויפֿן קלאָרן
טישטעך מיט דײַן פּײַקע,,..

אָנבאָבלען — טרוו ־בל אָן, ~געבאָבלט.

.

דזוו אָנבאָלבען. ,,סענדער! וואָס האָסטו דאָ
אָנגעבאָבלט? וואָס האַקסטו עפּעס אַ טשײַניק מיט
אָנפּײַפֿן?‘‘, י. אַדלער, זאָלן אידן לאַכן.

אָנבאַבען — טרוו ־בע אָן, ~געבאַבעט.

.

אָנפּעלצן, אָנטאָן, אײַנוויקלען מע זאָל אויסזען
ווי אַ באַבע. אָ, דאָס מיידעלע אין פֿינף אַקעס
,

און זי פֿירן שפּאַצירן. ← אײַנבאַבען ־עכ􏰀ן.

.

־עניש. ,

אָנבאָבצלען — טרוו ־צל אָן, ~געבאָבצלט.

.

(שנײַדערײַ) אָננייען צו געדיכט. אָ, און ניט קענען אָפּטרענען.

אָנבאָברען — טרוו & אוטוו ־רע אָן, ~ גע.

באָברעט. אָנפּלאָנטערן. צונויפֿמישן. אָ, עפּעס אַן עסק מע זאָל ניט קענען זי􏰀 אַרויסבאָברען. אָ, אין שופֿלאָד צווישן די פּאַפּירן. אָ, אין קופֿערט, עס זאָל ווערן אַ מישמאַש. 􏰀.. אײַנבאָברען ־עניש.

.

אָנבאָברען זיך — אוטן. ← דפֿוו. 1. גריבלען, נישטערן, זוכן, פּאָרקען זיך. דער היסטאָריקער האָט אַ לעבן־לאַנג זיך אָנגעבאָכרעט אין אַלטע 􏰀מות. 2. (שפּאַסיק) אָנלערנען זיך אַ סך. ער האָט זיך אָנגעבאָברעט מיט תּורה. 3. זיך אָנזופּן.

אָנבאַגיסן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~באַגאָסן. 1. (באַ)גיסן אַן לענגערע צײַט. אָ, די

בלומעןטעפּ, די בייטן. 2. פֿאַרגיסן. אויסגיסן. אָ, די גאַנצע שטוב. אָ, אויף די מלבושים.

אָנבּאַגעגענען — אַקוזוו. ־געגן אָן, □.,
באַגעגנט. 1. באַגעגענען עמעצן אָדער אַ צאָל. (אָנ)טרעפֿן עמעצן פּנים־אַל־פֿנים. אָ, אין גאַס אַ סך באַקאַנטע. 2. זיך אָנשטויסן אויף עפֿעס. דערזען עפּעס וואָס מע האָט נ□ט געזוכט. בלעטערן אַן אַלטן ספֿר און אָ, וויכטיקע חידושים, פּרטים. אָ, וויכטיקע דאָקומענטן אין אַרכיוו. ,,ס'האָט נישט געטראָפֿן נאָך, אַז אין אַ לאַנגן וועג זאָל איך נישט אָ אַזאַ מין קאַסטן‘‘,

,

ייִש, געקליבענע לידער.
מיט ז י ך — צופֿעליק זיך באַגעגענען.
,,דורכן צופֿאַל האָבן זיך אָנבאַגעגנט צוויי דיכטער‘‘, הל, טאָג, 1948 □ 30. ,,נאָכן באַגלייטן

אָנבּאַגראָבן

אים האָט זיך מיר אָנבאַגעגנט איינער אַ תּלמידחכם מיט אַ ספֿר אין האַנט‘‘, ל. אָליצקי איבז, ש. עגנון, היימיש, אַפּר'־מײַ 1961.

אָנבּאַגראָבּן — טרוו איצ אימפּ נבּ; , בּאַגראָבּן. וואוילּיונגעריש. גוט אָנבּרעכן די בּיינער. שטאַרק בּאַליידיקן מיט זידלערײַען.

אָנבּאַגרייסן זיך — אוטוו ־גרײַף זיך אָן, —

.

זיך ~בּאַגרײַפֿט (,בּאַגריפֿן). אַרכ אָנבאַפּן זיך; אָנהאַלטן זיך. „און, איינר שפּראַך צום אַנדרן: ווער איז דער און, וואו הער איז ער דער זיך אַן בּגרײַפֿט אַן כסא הכּבֿוד„„ מחזור שלש רגלים, ח״ב, אַמשט 1713.

אָנבּאַגריסן זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבּ; זיך ~בּאַגריסט. זיך בּאַגריסן (אַ לענגערע צײַט) מיט אַ צאָל. אין איין אָוונט (בּמשך פֿון די פֿאָר וואָכן אין שטאָט) זיך אָ, מיט צענדליקער בּאַקאַנטע.

אָנבּאַדינען זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבּ, זיך י.,בּאַדינט. כּסדר דינען, בּאַדינען עמעצן. אַרבּעטן בּײַ (פֿאַר) יענעם. „איך האָבּ זיך שוין גענוג אָנבּאַדינט אין מײַן לעבּן. צײַט אַרויסצוגיין פֿאַר זיך“.

אָנבּאָדן זיך — אוטוו. בּאָד זיך אָן, זיך ▯ , געבּאָדן. 1. זיך בּאָדן אַ סך, בּיז עס איז גענוג. זיך אָ, אין ים בּמשך פֿון די זומער־חדשים. 2. איר. אַרומפֿאָרן פֿון איין וואַרעמבּאָד (קוראָרט) צום צווייטן. „מײַן ווײַבּ האָט זיך גענוג אָנגעבּאָדן און איך האָבּ זיך פֿאַרבּאָדן אין חובֿות“. 3. אַבּסאָרבּירן, אײַנזאַפּן, ווערן דורכגענומען מיט.... ער האָט זיך אָנגעבּאָדן מיט (אין) זונשטראַלן. זיך אָ, מיט דבֿרי־תּורה.

אָנבּאַדעקן — דזוו אײַנבּאַדעקן ←.

אָנבּאָהאָמאָליען — אוטוו ־ליע אָן, ▯ , גע.
בּאָהאָמאָליעט. <וור. 1. (וועגן ניט־ייִדן) אָנדאַוועגען, אָנפּרעפּלען. 2. פֿיג. אָנרעדן פּוסטע דיבּורים. אָנפּלאַפּלען, אָנבּאַלעבּעטשען. 3. פֿיג. אָפּטאָן עפּעס געשווינד, טאַנדעטנע, כאַפּ־לאַפּ. [אין פּד אָפּמאָדליען.]

אָנבּאַהייצן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~ בּאַהייצט. גוט אָנהייצן. מאַכן עס זאָל זײַן זייער הייס. אָ, די קעסלען. אָ, דעם קאַלטן טעאַטער▯אַל. ־ונג. ־עניש.

אָנבּאַהענגען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~ בּאַהאַנגען, ~בּאַהאָנגען. אָנהענגען, צעהענגען אַ

צאָל זאַכן. אָ, די ווענט מיט בילדער. אָ, זשעטאָנען (מעדאַלן) אויף די פּרעמירטע. אָ, סטענגעס מיט שלייפֿן אויף די יובקעס. מיט ז י ך — אָ, זיך מיט פּעק און זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

-

אָנבאַוואָסנט — אַדי. פּאַר ← דוווו. אָ, מכּף רגלו ועד קדקדו, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אָ, מיט תּורה און מעשׂים טובֿים, מיט מצוות.

▯

אָנבאַוואָסענען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~באַוואָפֿנט. 1. אויסשטאַטן מיט אַ סך וואָפֿן, כּלי־זיין. אָ אַ פֿאָלק וואָס קען מאָרגן אויף אונדז אָנפֿאַלן. 2. באַזאָרגן מיט כּלערליי מכשירים. אָ, די לאַבאָראַטאָריע מיט די נײַסטע אינסטרומענטן. 3. אײַנשאַפֿן (זיך) גײַסטיקע ווערטן, ידיעות, אינפֿאָרמאַציעס. אָפֿט מיט

ז י ך — זיך אָ, מיטן מאָדערנסטן געווער. זיך
אָ, מיט אַ סך ידיעות. ־ונג.

אָנבּאַוואַרעמען — טרוו ־רעם אָן, □ י,,
בּאַוואַ.

רעמט. מאַכן וואַרעם. אונטערוואַרעמען. אָ,
די אָפּגעפֿראָרענע גלידער. אָ, דאָס בעטעלע פֿאַרן
עופֿעלע.

אָנבּאַוואָרענען — דזוו אײַנבּאַוואָרענען ←.

אָנבּאַווייזן זיך — אוטוו ־ווײַז זיך אָן, זיך
—
.

□ .,,בּאַוויזן. (מיט אַ נעגאַטיוון בּײַטעם) זיך
כּסדר וועלן בּאַווײַזן, זיך אַרויסשטעלן (מיט
מעלות, קענטענישן). וועלן מע זאָל בּאַמערקט
ווערן. אָ, זיך מיט די בּריליאַנטן אויף די
פֿינגער. אָ, זיך אַז מען איז אויסגעבּונדן מיט דער
טעאַטער־וועלט, מיט וויכטיקע לײַט.

אָנבּאַוולען — דזוו אײַנבּאַוולען ←.

אָנבּאַוועןזיך — אוטוו ־ווע זיך אָן, זיך
.

□ י.,געבּאַוועט. □ si □ i □ יba: □ <. זיך אַמוזירן
אַ לענגערע צײַט, זיך פֿאַרווײַלן, זיך אָנשפּילן.
"דער זיידע האָט זיך אָנגעבּאַוועט מיט זײַן

אייניקל“.

אָנבּאָווקען — טרוו ־קע אָן, ~געבּאָווקעט.

.

[דa7]Bo6: > . אָנפּלאַפּלען, אָנפּלוידערן. אָ, עמעצן אין אויער אַרײַן. אָ, עס זאָל בּלײַבּן אַ זשוזשעניש אין די אויערן —עניש.

.

אָנבּאַזגרען — טרוו ־רע אָן, ,געבּאַזגרעט.

.

[:ba: > . אָנפּאַטשקען, אָנשמירן בּײַם שרײַבּן. אָנשרײַבּן ניט־ריין, ניט־קלאָר. אָ, אַ בּריוו מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס.

אָנבּאַזייען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ,בּאַזייט. אַ סך בּאַזייען. אָ, ד אַרומיקע פּעלדער מיט

קוקורוזע.

אָנבּאַזינגען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ...,

בּאַזונגען. אַ סו בּאַזינגען. „ווי מענטשן שעמען זיך דאָס ניט אַזוי אָנצובּאַזינגען דעם רשע“. אָ, חתן־כּלה.

אָנבּאָט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנבּאָטן. אַן ערנסטער (לײַכטזיניקער, איבּערגעאײַלטער) אָ'.

2. פֿאָרלייג, אָפֿערטע צו קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן,

אָדער צו טאָן אַן אַרבעט, עפּעס דורכצופֿירן.
אָ, פֿון אַ קאָנטראַקטאָר. אָ, פֿון קויפֿער, וואָס
איז אַ העלפֿט פֿון פֿאַרלאַנגטן פּרײַז. אָ, בײַ
אָן אויקציאָן. 3. גרייטקייט צו פֿאַרקויפֿן
(עפּעס צוצושטעלן פֿאַראַנענע סחורה צוזאַמען
מיטן מקח פֿאַר דער סחורה אָדער אַרבעט).
דער אָ, שטײַגט איבער דעם נאָכפֿרעג און די
פּרײַזן פ[אַלן. „די פֿאַקטן... ווײַזן... אַז דער
-

אָ, און נאָכפֿראַגע ווירקט די זעלביקע זאַך ווי
אויף נאָמינאַלע, אַזוי אויך אויף די רעאַלע
אַרבעטסלוין“, די tזכירות, לעמבערג 1896.
„וואו עס איז דאָ אַ פֿאַרלאַנג, מוז זײַן אַן אָ'.
און אַז די מאַסן פֿאַרלאַנגען אַלגעמיין־
מענטשלעכע קולטור, ועלן זיך שוין געפֿינען בעלנים
אויף צו באַפֿרידיקן זי“, זשיט I, נ"י 1912.
4. יעדער מין פֿאָרלייג, פֿאָרשלאָג. אויך
אָנוואונק, אָנצוהערעניש, רמז אויף אַ פֿאָרלייג.
אָ, צו פֿירן שלום־פֿאַרהאַנדלונגען. "ער...
לאַכט [אויס] דעם אָ, פֿון פֿאַרראַט“, אַל, 'הירש
לעקערט,. „צו פֿאַרגיין אין אינקוויזיציע־תּענוג

אָנבאָטן

האָבּ איך אין מײַן לעבּן שוין געהאַט נישט
איין אָ',,, הל, 'אַ טרעבּלינקע־קאַנדידאַט', אונזער
וועג, בּײַערן, 4 1946 I. שענדלעכער אָ, = אָ,
צו טאָן עפּעס שענדלעכס, געוויינלעך וועגן
סעקסועלן פֿאַרקער. קריגן אַ פֿאַטש פֿאַר אַ
שענדלעכן אָ'. ,,פֿאַר אַן אָ, קומט קיין פֿאַטש
ניט,,, שוו. ־דנג.
אָנבּאַטייטיק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט ניט
--
קיין בּאַטײַט. ,,ריין־גלאָסאָלאָגישע עלעמענטן
פֿון זינלאָז צונויפֿגעשטעלטע אָ'ע ווערטער...
אין אַלטע פּרימיטיווע פֿאָלקס־ און
קינדערלידער,,, מ. ווינער, שריפֿטן I, קיִעוו 1928.
אָנבּאָטן — טרוו. בּאָט אָן, ~געבּאָטן. 1
פֿאָר.
לייגן עמעצן אַ קויף, אַ האַנדלס־טראַנסאַקציע.
,,דער סוחר האָט אָנגעבּאָטן זײַן סחורה דעם
קונה [דאַטיוו, ווי שטענדיק פֿאַר דער פֿערזאָן
וועמען מע בּאָט עפּעס אָן] און דערבּײַ אים
אײַנגערעדט, אַז ער וועט אײַנהאַנדלען אַ ווילדע
מציאה‘‘. ,,הפּ‘‘ח [= הפּרנס חודש] אַדר הרבֿ
אַן פּוט [= אַן בּאט] לקצבֿ שישחוט...,,,
'תּקנות קהלת וואָרמס משנת 1641' [Bl t er]

r □t□(]is(□e□ (□e□sc□hiCh□e□ un(l]□□
□□[□i□eratu

Main□, l9()4]. 2 .פֿאָרלייגן עפּעס צו טאָן,
דורכצופֿירן פֿאַר אַ לוין. אָ, אוי□ צושטעלן אַ
בּנין, צו מאַכן אַן אויספֿאָרשונג. אָ, אַ שותּפֿות.
„אַז ער קומט אָ', איז עס נישט אַזאַ וואַזשנער
משׂא־מתּן“. „די דײַטשן האָבּן אָנגעבּאָטן די
פּאָליאַקן אַ פֿונט צוקער פֿאַר יעדן ייִד וואָס זיי
וועלן געפֿינען און אַרויסגעבּן„. „מײַן דאָקטער
איז דאָך מסתּמא ניט פֿויל און בּאָט איר אָן,
ער וויל איר אונטערזוכן„„ איש חובבֿ עמו,
איין נײַע מעטאָדע ווי גיך קראַנק צו ווערדען,
ווילנע 1884. „„... האָט אָנגעבּאָטן דעם
פֿרישגעבּאַקענעם... קעניג... אַ סך געלט, אום
ער זאָל אים איבּערגעבּן די כּהונה“, אַלכּסנדר
האַדקאַווי, דיא יודישע רעוואָלוציאָן□ נ„י 1892.
3. פֿאָרלייגן מע זאָל אָננעמען עמעצן צו
טאָן עפּעס. די מעקלערקע בּאָט אָן דער
בּעלהבּיתטע אַ דינסט. אָ, דער פֿירמע אַן אַנדער
אַדוואָקאַט.
4. פֿאָרלייגן עפּעס אָנצונעמען אָדער עפּעס
צו טאָן פֿאַר עמעצן אָן שום בּאַלוינונג. אָ,
דעם בּחורל צו לערנען מיט אים. אָ, דער

סאָוועטן־מאַכט צו שיקן מצות קיין רוסלאַנד.

 איינער פֿון די טאַלנער חסידישע גבֿירים האָט אָנגעבאָטן... די ערשטע סעודה גדולה פֿאַר אַלע חסידים אויף זײַן חשבון", לדב, נ"י תּשי"ז. "ער זאָל אים ניט אָ, אַ געשאַנק אַלס ער ווייס אויף קלאָר, דאָס יענער וועט עס ניט אָננעמען", אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871.

5. בכלל פֿאָרלייגן עפּעס. אָ, אַ באַלוינונג, העכערע שׂכירות. אָ, פֿרײַנדשאַפֿט. אָ, אַן אַנדער שטעל, אַ העכערן אַמט. אָ, אַ שידוך. אָ, דעם קאַנדידאַט צו אַגיטירן פֿאַר אים. "העטן זיא אונש אנפּוטן אונ, העטן אונש גיזייט. זוא ווערן מיר אויך קומן אונ, העטן אונש גיבֿרייט", שמואל־בוך, סטראָפֿע 1616. "ער האָט אים נישט אַן גיבאטן איין טרונק", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. 6 פֿאָרלייגן עפּעס אומדירעקט,

.

אָנבאַטראַכט

מיט אַן אָנצוהערעניש, אָן אָנוואונק פֿאַר אָ,

..

קומט נישט קיין פּאַטש", שוו. *אָ, אַן עליה = אַ פּאַטש, אַ פּסק. "ער באָט איר אָן מיט אַ

שמייכל און פֿאַרקוועטשט אַן אייגל,,.
7. געבן אַ מעגלעכקייט עפּעס צו דערגיין, זיך צו דערוויסן, זיך צו פֿאַרפֿולקומען אע ,,דער קורס באַט באמת אָן טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר עקאָנאָמיק״. ,,... באַט אָן דאָס בוך אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם ייִדישן וואַרשע,,,
ש. מאַרגאָשעס, טמז, 30 1967 ▯ I.
מיט ז י ך — אָ, זיך פֿאַר אַ משרת. אָ, זיך צו קומען צו גאַסט. ,,אים האָט קיינער ניט באַדאַרפֿט בעטן קיין הילף; ער האָט זיך שטענדיק אַליין אָנגעבאָטן״. ,,זא האָט ער... זיך אַן גיבאטין, ער וועט מבֿרר זײַן... אונ, העדו[ת] מכּחיש זײַן,,, ,כּ,,י וועגן מעצער עלילת־דם,, 1669 [פּש III]. ,,אויפֿגעזובט דעם קאַפּאָ... און זיך אָנגעבאָטן אויף מיטאַרבעטן דעם
מאָרגנדיקן טאָג מיט אים״, י▯ראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —
,,ווערט דער צווייטער אָנבאָטער רעכט אין כּעס און לאָזט זיך גיין פֿון זײַן שטאָט צו דער בּימה״, חג, דער מאַמעס שבתים. ־ערײַ.
אָנבאַטראַכט — אין אויסדרוקן: ,,נעמען אין אָ״״, ,,אין אָ, פֿון אַזאַ און אַזאַ לאַגע (

באַשלוס)“. ...(le sen, ו]rac Anbe ן]i: <
lass). נר. האָבנדיק אין זינען, זיך רעכנענדיק
מיט....

-

אָנבּאַטראָסן — אַדי, פּאַר אָנבּאַטרעפֿן ←.
די אָ'ענע סומע.

-

אָנבּאַטרעסן — אַקוזוו איצ, אימפּ נבּ; בּלויז
~בּאַטרעפֿט (← בּ2), ~בּאַטראָפֿן. 1.
בּאַטרעפֿן אין סך־הכּל. קאָסטן, זײַן ווערט אַרום
און אַרום. „זײַן פֿאַרמעגן קען אפֿשר אָ, אַ
גאַנצן מיליאָן„.. „די בּאַשטעלונג האָט
אָנבּאַטראָפֿן אַ הונדערטער„.. 2. געניצט
פּרעפּאָזיציאָנעל. וואָס שייך צו. בּשײַכות מיט.... „און
וואָס אָנבּאַטרעפֿט איר גוטסקייט, שטילקייט —
דערויף קאָנען עדות זאָגן אפֿשר אַ האַלבּ
שטעטל ייִדן„, ממוס, ספֿר הבּהמות. „וואָס אַ
געוויינלעכן בּאָדן אָנבּאַטרעפֿט...„, דאָס
פּלאַנצענלעבּען, וואַרשע 1899.“ וואָס קונסט

„וואָס ▯. מר „„„...אמת געוויס איז אָנבאַטרעפֿט
אָנבאַטרעפֿט די פֿאָגראָם־בילדער, האָבן זיי
געמעגט דערשײַנען אין אַ באַזונדער בוך„„ בעם III.

אָנבאַטשקען — טרוו. ־קע אָן, ▯..„„געבאַט▯־קעט. סל. אָנפּלאַפּלען. אָנפּלוידערן. אָ, רכילותלעך און זיך אָפּטראָגן. „מײַן שכנטע איז אַרײַנגעקומען און מיר אָנגעבאַטשקעט אַ גאַנ▯ן (פֿולן) קאָפּ„ ־עניש.

.

אָנבאָכן — טרוו. באָך אָן, ~געבאָכט. פּפֿ: ~באָכ(ק)ען. אויך: ~בוכ(ע)ן.
אָנקלאַפּן, אָנשלאָגן, אָנבוכצען. אָ, די ביינער, די זײַטן. געבן אַ באָך אָן אין די פּיסקעס.
„דאָס אָ, איז מיר געווען ביטער, געקריגן צוואַנציק פֿרישע ריטער“, ב. א. רוף, דער שיכור...▯ וואַרשע 1871. ־עניש.

1431

אָנבאַלאַבעטשען
לאַבעשען.
— טרוו ־טשע אָן,
.

~(גע)באַלאַבעטשעט. פּפּ: ᪃י,,באַ
(פּעיאָ) אָנפּלאַפּלען. אָנבאָלבען. רעדן אַ סך,
גערדיכט, אומקלאָר. אָ, נאַרישקייטן. ,,אַז מע
האָט פּערציק גראַד און מע ווייסט ניט וואָס
מע האָט אָ'בעשעט פֿון היץ, איז קיין
וואונדער ניט", שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿונ
לעבנ, מאָסקווע 1948.
אָנבאַלאַמוטען — אוטוו & טרוו ־טע אָן,
.
~(גע)באַלאַמוטעט. פּפּ: ~באַלאַמוטשען.
.< ᪃ ᪃ : 6a᪃]᪃ד᪃]᪃ו᪃]᪃ .᪃ <.᪃:balamu(᪃i᪃
1. אַוועקפֿטרן צײַט. אָ אַ גאַנצן אָוונט. 2.
אָנ,
טומלען; אײַנרעדן, פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. אַזוי
אָ, אונדז, מע זאָל ניט וויסן וואו מען איז אין
דער וועלט. "האָט אַלעס געגלויבט וואָס דער
כיטרער רפֿאל האָט איר אָנגעבאַלעמוצעט", ל.
לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדער'ס טאָכטער, ווילנע
1888. דזוו אָנבאַלאַקען, אָנבאַלאַבעטשען. 3
"לאָזן מײַנע אויערן ניט הערן וואָס דער
לאַנגער צונג וועט דאָ אָ'", ע. ג. וואַהרמאַנן, דער
פּלוצליכער גליק, ווילנע 1893.
אָנבאַלאַנגט זיין — צזוו. אוטוו. איז ~

באַלאַנגט, געווען ~באַלאַנגט. ← דוווו. געהערן צו, זײַן אָפּהענגיק פֿון. זײַן געווענדט אין (אָן) עפּעס, עמעצן. אָ, ז, צו אַ חבֿרה, אָ, ז, פֿון בעל־הבית. „איטליכר מאַן זאָל זײַן ווײַב דר לובן אַז זי זאָל צדקת געבן נאָך אירין ווילן נאָך... אַזו ווערט זײַן שׂכר גרעשׂר זײַן דען ווײַל עשׂ אַן אים אַן בלאנגן איז„, עח, עא/ג. „די נאַראָנים מיינען, אַז אַלצדינג איז אָ, אין מיר, אַבֿי איך וויל נאָר — קאָן איך העלפֿן“, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע „ווען ס'וואָלט נאָר אָ, געווען אָן אים„, י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטנב אין שטעטל, פּאַריז 1951.

וואָס אָנבאַלאַנגט, געניצט פּרעפּאָזיציאָנעל, מיט אַקוזאַטיוו און דאַטיוו. וואָס איז שייך, וואָס איז נוגע. „וואָס אָ, מיר, וועל איך אַלץ טאָן פֿאַר אים„, רייד (ווילקאָמיר). „וואז מיר אַן בילנגיט בין אַלישׂ מקבל ב׳ הבֿה מן המקום ב„ה וב“ש [ברוך הוא וברוך שמו] הגדול“, גה, 276. „וואשׂ איין מצוה אַן בילנגט, איזט קיין חילוק ניט צווישן למדנים און, עמי הארצים„, אדיה ליב בר, יהודה זעליגמן, תּקוני המועדים פֿיורדא 1729. „און וואָס אָ, זײַן

-

,

טער מרים, האָט ער געהאָ▯ט...,,, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'. "וואָס אָ, די אַלטע פֿרום־פֿאַרצײַטיקע וועלט...,,, בעמ I.

אָנבּאַלאַנגען — אוטוו. בּאַלאַנג אָן (אויך: ~בּאַלאַנג), ~בּאַלאַנגט. ← דפֿוו. לר. געהערן. בּאַלאַנגען. זײַן אָנגעשלאָסן. אָ, אָן חבֿרה־קדישא. אָ, צו עטלעכע חבֿרות. אָ, צו אַ פֿאַרטיי. "קיינמאָל צום קריגסשטאַנד ניט אָנבּאַלאַנגט", מר, 'הײַנריך הײַנע'.

וואָס אָנבּאַלאַנגען, אַרכ פֿאָרעמ. דזוו אָנבּאַלאַנגט. ,,וואז אַן בּילנגן איז דז איין חילול השם ח,,ו מויכט דר פֿון קומן", תּקק. ,,וואז אַן בּילנגין איז דען כּתבֿ [וועקסל] פֿון דען יאנש אונגר", פּראָגבֿ, 6. ,,וואשׂ אַן בּלאַנגן איז נדוניא גהער מען דיא קינדר צו געבֿן [נאָך

אָנבּאַלעבּאַטע▯דען

בּײַם לעבֿן, ניט לאָזן עס ווי אַ ירושה] נאָך אירי פֿר מעגונג", עדו, יד/א.

אָנבּאַלאַקען — אוטוו. ־קע אָן ~(גע)בּאַלאַקעט.

(גוטמוטיק) רעדן אַ סך. <. :6aוגa][a'r]
סתּם אין דער וועלט אַרײַן אָנדערציילן
מעשׂיות; אָנרעדן דבֿרים בטלים, פּוסטע רייד.
אָפּט מיט ז י ך — ,,אָנגעבאַלאַקעט זיך וו אַ
י
פּויק, אין האַלדז איז אַזש אויסגעטריקנט
געוואָרן", נ. בּרוסילאָוו, די שטילע ערד
אָנבאָלבען —־ טרוו ־בע אָן, ~געבאָלבעט.
.
(פּעיאָ) אָנפּלאַפּלען. אָנפּלוידערן. אָ, ווי אַ
פּאָפּוגײַ. אָ, אַ (אין) קאָפּ, עס זאָל ניט־גוט ווערן.
אָ, עפּעס דעם עולם און אויסמישן קאַשע מיט
באָטשווינע. "ביסט גאָרניט קלאָר אין די דײַטש
וועלכע זי האָט דאָ אָנגעבאָלבעט", א. י. סאַפּיר
אויס מינסק, חטאת הקהל... I, ווילנע 1881.
־עכן. —עניש.
אָנבאַלויניק — אַדי. וואָס מע קריגט פּאַר
דעם ניט קיין לוין. אומבאַצאָלט. אָ'ע אַרבעט.
אָנבאַלזאַמירן — טרוו ־מיר אָן, ~(גע)
באַל.
זאַמירט. באַלזאַמירן אַ סך פּאַרבאַלזאַמירן.
.
אָ, די פּרעהס. ־ונג.

אָנבּאָלטייען — טרוו ־טײַע אָן, ~
געבּאָל—
.
טײַעט. סל. אָנפּלאָפּלען. אָנבּאָלבען. „ער האָט
דאָך אָנגעבּאָלטײַעט אַ שעה אַ גאַנצע... מיט
רמאות“, ע. ג. וואַהרמאַנן, דער פּלוצליכער
גליק, ווילנע 1893.
אָנבּאַלייכטן — טרוו ־לײַכט אָן, ~בּאַלויכט
—
.
1. בּאַלײַכטן מיט קאָנצענטרירט, שאַרף ליכט.
אָ, מיט דעם פּראָיעקטיר־לאָמפּ (פּונקטאַטאָר,
פֿראָזשעקטאָר, רעפֿלעקטאָר, שײַנוואַרפֿער) דאָס
פּנים פֿון הויפּט אַקטיאָר. אָ, מיטן נומער 4
-
[= רעפֿלעקטאָר] דעם הינטערגרונט פֿון דער
בּינע. 2. ספּעציעל אונטערשטרײַכן און
אויסטײַטשן, אויסטיילן אַ וויכטיקן פּונקט און
אַנאַליזירן. אָ אַ פּאַראַגראַף פֿון אַ געזעץ
,
(סטאַטוט, קאָנסטיטוציע א [ ]). אָ, דעם פּונקט
11־בּ פֿון דער קאָנסטיטוציע.
אָנבּאָליען זיך — אוטוו ־ליע זיך אָן, זיך
~געבּאָליעט. רומ. אָנפֿרעסן זיך. „ער האָט זיך

אָנגעבּאָליעט וו אַן אָקס,,, נאַטאַן מאַרק, די
י
ליימענע פֿויסט, סיגעט 1937.
אָנבּאַלן — טרוו. בּאַל אָן, ~געבּאַלט. (
סוחריש) אָנלייגן, אָנהויפֿן, אַרויפֿלייגן אַ בּאַל
אויף אַ בּאַל. אָ, די בּאַלן סחורה בּיזן סופֿיט.
אָנבּאַלעבּאַטעווען
ל־
הבּתע— אוטוו. ־טעווע אָן,
~(גע)בּאַלעבּאַטעוועט. אויך: ..,,בּע
ווען. 1. אַ לענגערע צײַט זיך פֿירן ווי אַ
בּעל־הבּית, געבּן בּאַפֿעלן. ,,וואָס
בּאַלעבּאַטעוועסטו דאָ אָן? ווער האָט דיך געמאַכט פֿאַר
אַזאַ קנאַקער?". 2 פֿירן שלעכט אַ געשעפֿט.
.
אָ אַזוי אָז מע זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו
בּעטל,
בּרויט. 3. פֿירן געשעפֿטן מיט ניט קיין כּשרע
מיטלען. אָ, אַן אַפּותיקו מיט יענעמס פֿראַצע.
מיט ז י ך — 1. דזוו אָ'. 2. אַ לענגערע
צײַט שווער אַרבּעטן (אין אַן אייגן געשעפֿט)
און אויפֿהערן. ,,גענוג זיך אָנבּאַלעבּאַטעוועט
אַ לעבּן־לאַנג. צײַט זיך אָפּצורוען".

אָנבּאַלעבּעטשען

אָנבּאַלעבּעטשען — ← אָנבּאַלאַבּעטשען.

אָנבּאַלעווען — טרוו ־לעווע אָן, ~
געבּאַלע.
וועט. צעלאָזן, צעבּאַלעווען. אָ, די קינדער
און זיי נאָכגעבּן די שמד. מיט ז י ך —
אָנשפּילן זיך. אָ, זיך מיט די קינדער און זיי
צעבּאַלעווען.

אָנבּאַלעווען זיך — אוטוו. ← דפּוו. נעאָל.
אָפּט גיין טאַנצן פֿאַרבּרענגען אויף (צו) בּעלער
,
(בּאַלן). "דעם מאָנאַט האָבּ איך זיך אָנגעטאַנצט
און אָנגעבּאַלעוועט, אַז עס וועט מיר שוין
סטײַען אויף אַ גאַנץ יאָר,,.

אָנבּאָלעיען זיך — אוטוו ־יע זיך אָן, זיך
.
י.,בּאָלעיעט. סל.] :5o ד ד: ־<. אָנלײַדן זיך אַ
סך יסורים. ,,וואָס איך האָבּ זיך עס אָנבּאָלעיעט
אין יענע סיבּירער יאָרן".

אָנבּאַמאָלן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~בּאַ
מאָלט. אָנמאָלן. בּאַדעקן מיט פֿאַרבּיקע
צייכענונגען עפּעס אַ זאַך. אָ, די וואַנט מיט
פֿאַרשיידענע חיות. אָ, דעם הוט מיט די קאָלירן
פֿון דער אַמעריקאַנער פֿאָן ־עניש.

.

אָנבּאָמבּאַרדירן — טרוו ־דיר אָן, ~
בּאָמ.
בּאַרדירט. 1. אָן אויפֿהער בּאָמבּאַרדירן (און טרעפֿן אין אָנגעמערקטן ציל). אָ, די ראַדיאָסטאַנציע און זי פֿאַרשטומען. אָ, מיט די פֿויסטן די (אין) טיר און אויפֿוועקן אַלעמען. 2 פֿיג.

.

ריידן האַסטיק, אָן אָפּשטעל, גיך און הילכיק וואָס דערמאָנט דאָס שיסן פֿון אַ האַרמאַט אָדער מאַשינביקס. אָ, דעם עולם מיט פֿוסטע לאָזונגען. אָ, דעם קאָפּ קיינער זאָל ניט קענען קומען צום וואָרט ־ונג.

.

אָנבּאָמבּלען — טרוו ־בּל אָן, ~געבּאָמבּלט.

.

1. אָנפּלוידערן. אָנפּליאָטקעווען. „אַנדערש פּאַסט מיר נישט! און דו זאָלסט נאָר הערן וואָס מענטשן וועלן דיר אָ, אין קאָפּ אַרײַן“, ווײַס, 'דבֿורהלע,. 2. אָנבּינדן עפּעס וואָס זאָל זיך בּאָמבּלען, זיך נאָכשלעפּן. אָ, אויבּן אויף די אַרבּל קאָלירטע פּאַפּירלעך. מיט ז י ך. ־עניש.

אָנבּאַמ◌ען זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבּ; זיך

~באַמיט. אַ לענגערע צײַט זיך שטאַרק
באַמיִען. זיך משתדל זײַן (פֿאַר עפּעס, עמעצן).
אָ, זיך צו קריגן אַ שטעל. אָ, זיך בײַם קאָנסול
צו קריגן אַ וויזע. „וויפֿל איך האָב זיך ניט
אָנבאַמיט פֿאַר דעם פֿליט, מע זאָל אים
אַרײַנלאָזן אין לאַנד“.

אָנבאַמקען — אוטוו ־קע אָן, ~געבאַמקעט.

□

פּפֿ: □.,באָמקען. 1. כסדר צושטימען.
„וואָס דער גבאי האָט אָנגעטענהט, האָט דער
שמש אָנגעבאַמקעט“. 2. שפילן אָדער
אַקאָמפּאַנירן (אויף דער פּיאַנאָ) צו הויך און שלעכט.
אָ, אַזוי, מע זאָל ניט הערן דעם זינגער.
3. (שפּאַסיק) אָנשלאָגן.

אָנבאַנדאַזשירן — טרוו. ־זשיר אָן, ~
באַנדאַזשירט. אַרומבינדן אַ וואונד מיט אַ סך
באַנדאַזשן. אָ, דעם צעקלאַפּטן פֿינגער.

אָנבאַנדעראָלן — טרוו ־ראָל אָן, □י.,

באַנדעראָלט. אָנוויקלען באַנדעראָלן. אַרויפֿקלעפּן
באַנדעראָלן. אָ, די קעסטלעו ציגאַרן.

אָנבּאַנייען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ײ־,בּאַנייט.

1. אָננייען, צונייען בּאַפּוצונגען אויף אַ מלבּוש, פֿאָרהאַנג, קאָטאַר אע. אָ, בּלעטער און בּלימעלעך אויף דעם מאַרלע־פֿאָרהאַנג. אָ, קאָקאַרדעס אויף די היטלען. 2. בּאַנייען, אויפֿנייען אַר אַ צאָל. אָ, אונטערוועש פֿאַרן הויזגעזינד, עס זאָל סטײַען אויף יאָרן. מיט ז י ך.

אָנבּאַנייען — טרוו איצ, אימפּ נבּ; ~בּאַנײַט.

-

דזוו בּאַנײַען, נאָר עמפּאַטישער. אָ, די טעטיקייט.

אָנבּאָנצען — טרוו ־צע אָן, ~געבּאָנצעט.

.

פּפֿ: ~בּאָנטשען. (מיט אַ פֿויסט) שטאַרק אָנשלאָגן. אָ, די ביינער ־עניש.

.

אָנבּאַסמאַרקען — טרוו ־קע אָן, ~ בּאַ.

סמאַרקעט. אָנחזירן פֿאַרשמוצן. אויסשמירן

מיט סמאַרק(ע), ראָץ. אָ, די גאַנצע פֿאָדלאָגע.
אָ, די קאַפּאָטע.
אָנבאַפֿאַל — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנבאַפֿאַלן.
אַן אָ, אויף דער וואָלוועלער סחורה.
אָנבאַפֿאַלן — טרוו. ־פֿאַל אָן, ~באַפֿאַלן.
1. פּלוצעם, אומגעריכט באַפֿאַלן, אַטאַקירן.
אָ, אויפֿן שׂונא פֿון הינטן אַרום. אָ, מיט
זלזולים, קללות. 2. אָנוואַרפֿן זיך אויף אַן
אָרט צו קויפֿן, צו קריגן עפּעס. אָ, אַ געשעפֿט
בײַ אַן אויספֿאַרקויף. אָ, דעם פֿויער וואָס איז
געקומען מיט אַ וועגעלע האָלץ. ־עניש.
אָנבאַפֿוילן — אדי, פּאַר אָנבאַפֿעלן ←. „די
נאַכט נאָך שבת [נאָך דער חתונה] האָבן זיי
[די ייִדן] ...אָך אַ טאַנץ, וועלכן זיי רופֿן
מצווהטאַנץ. דאָס הייסט דעם אָ'ענעם טאַנץ, וואָס איז,
דער אמת, אין ערגעץ נישט אָ'“, ט. פּרעשל,
איבז פֿון אַנטאָן מאַרגאַריטאַ, ־... [Der ...an...
.[XXIII, 1 ייִשפּ] (Jis...h (...laub, 1...31
אָנבאַפּלאַנצן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
באַפּלאַנצט. אַ סך באַפּלאַנצן, אין אַ צאָל
ערטער. אָ, וועלדער אויף די בערג פֿון ישׂראל.

אָנבּאַפֿלעקן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~
בּאַפֿלעקט. אַ סך בּאַפֿלעקן פֿאַרפֿלעקן. בּאַדעקן
,
מיט פֿלעקן אַ צאָל זאַכן. אָ, די פֿאָדלאָגע, דעם
טעפֿעך. אָ, דעם בריוו מיט טינט. "ווערסט אָ, דעם
טישטעך מיט דײַנע אויסגעשמירטע הענט".
אָנבּאַפֿעל — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנבּאַפֿעלן.
אַ שטרענגער אָ'.
אָנבּאַפֿעלן — אוטוו & טרוו. בּאַפֿעל אָן, ־,
בּאַפֿוילן. בּאַפֿעלן, שטרענג אָנזאָגן (אַ צאָל
זאַכן צו טאָן אָדער אַ צאָל מענטשן)
פֿאַראָר.
דענען פֿרגל אויסבּאַפֿעלן, 146. אָ, מיטן
.
האַרבּן וואָרט. אָ, צו פֿאַרטיליקן אַלע ייִדן. אָ,
די אָנגעשטעלטע מיט צענדליקער בּאַפֿעלן און
זיי אינגאַנצן צעטומלען. אָ, דעם שבּת־גוי פֿאַר
שבּת וואָס ער האָט צו טאָן, ווײַל מע טאָר אים
ניט אָ, אום שבּת. „אַן בּיפֿאלין בּלילה קיין
ערל בּרחובֿ היהודי לאזין גין", 'כּ„י ווענן
מעצער עלילת־דם', 1669 [ש III]. „הט ער
[דער הער בּורגראַף] מיך אַן בּפֿול ן, דז איך
אים זאָל...„ ר, יוס־טובֿ ליפּמאַן העלער, „כּ„י

מגילת איבֿה', 1703. „האבֿן זיא דען שופֿט...
אַן בפֿולן ער זאָל מיך ווידר אין דען טײַבֿלש
לאָך זעצן„, 'אַ פּראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1732

אָנבֿאַראַבֿאַנעווען

[ש. פֿרידלאַנד, וואַכשטיין־בּוך, ייִוואָ]. „אַזו האָט
ער בּישאפֿן דען יצר הרע אונ, אַן בּיפֿולן דען
מענשן אַן צו רייצן צו טון ווידר הש״י״,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ תמ״ה?
אָנבֿאַפֿעלקערן — טרוו. ־ער אָן, ~
בּאַפֿעלקערט. דזוו אויסבֿאַפֿעלקערן ←, 14. אָ,
דעם נגבֿ ־ונג.

.

אָנבֿאַקומען — אוטוו. בּאַקום אָן, ה אָ בּ
~בּאַקומען. 1. בּאַקומען, קריגן אַ צאָל.
אָ, אַ סך בּריוו. אָ, ווינטשעוואַניעס (
טעלעגראַמעס) פֿון דער גאָרער וועלט. 2. פֿלוצלינג,
אומגעריכט, אומדערוואַרט בּאַקומען, דערשפּרן,
דערפֿילן עפּעס. אָ אַן אָנפֿאַל פֿון דער
בּלינ,
דער קישקע. אָ, די טרעסוטשקע. מיטאַמאָל אָ,
הונגער, דאָרשט.״אָ, זאָרגן מיט דער פֿרישער

שיף‘‘ וול.

,

אָנבּאַקליידן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~

באַ ליידט. באַקליידן. באַזאָרגן מיט קליידונג, מלבּושים אַ צאָל. אָ, די אָרעמע קרובֿים. אָ, די פּליטים. אָ, די כּלה אַ גאַרדעראָבּ אויף אַ לעבּןלאַנג. ‘‘מיט הויט און, פֿלייש האשׂטו מיך אַן בּקלייט‘‘ [תּי: „האָסטו מיך בּאַקליידט‘‘], סהמ, איובֿ, י, 11. „צדיקים די דא זײַן אַן גיקלייט ווי איין מענש אויף דיזם עולם אַן בּיקלייט איז‘‘, ספֿר עולם הבּא... ספֿר הגן אַמש 1659. *(אַקטיאָריש) ער איז גוט (אָנ)בּאַקליידט ער איז גוט 'משוגע,, ווייס ניט וואָס מיט אים טוט זיך; טוט אָפּ 'ווילדע, זאַכן. מיט ז י ך — אָ, זיך געגוג בּגדים אויף דער ווײַטער רײַזע. ־ונג.

אָנבּאַקן — טרוו. בּאַק אָן, ~געבּאַקן, ~ געבּאַקט. 1. אויסבּאַקן אַ סך, וויפֿל מע דאַרף אָדער צו פֿיל. אָ, ווי פֿאַר אַ פֿאָלק סאָלדאַטן. אָ, קיכלעך פֿאַר דער שׂמחה. אָ, בּרויט אפֿשר אויף אַ גאַנצן חודש. ‘‘די לײַט וואָס זאָגן: מיר וועלן פֿיל אָ, כּדי עס זאָל איבּערבּלײַבּן אוי ן אַנדערן טאָג יום־טובֿ, איז עס ניט רעכט‘‘ [דאָס

מיינט מען אָן עירובֿ־תּבֿשילין], לט2. „דו זאָלסט הײַנט... מאַכן אַ שיינעם שבת, דו זאָלסט אַ סך אָנקאָכן און אָ'“, ש. בּעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ“ג.

2. אַ ביסל (צו)בּאַקן, צובּרוינען. אָ, די קאַרטאָפֿל אויפֿן פֿײַער. אָ, די עפּל.

3. דזוו אָנפּרעגלען, שטאַרק אָנוואַרעמען אע אָ, לאַטקעס. „דאָס טייגל זאָל מען אָ, און דער קראַנקער זאָל נעמען צו זיך דאָס פֿלעצעלע“, טאַרלער רבּי, סגולות ורפֿואות, לאָדז, 1910?

4. האַלטן אַ לענגערע צײַט אונטער ווירקונג פֿון היץ. אָ, די פֿלייצעס אויף דער זון. אָ, דעם קראַנקן רוקן מיט אַן עלעקטרישן לאָמפּ.

5. פּד. דזוו אויסבּאַקן (←), אָפּבּאַקן ←. אָ אַ

,

צוויי קאַרטאָפֿל.

6 פֿל אַדרעווען, שיטן מיט ליגנס. אָנבּלאָפֿן.

’ .

אָ, (פֿרישע) ליגנס. “וויפֿל שקרים ער האָט עס אָנגעבּאַקט!“. מיט ז י ך — אָ, זיך דעם פֿינגער אויף דער הייסער פֿײַערקע ־עכ ן.

.

־עניש.

אָנבּאַרבּאַנעווען — טרוו. ־נעווע אָן, ~

באַראַבאַנעוועט. פּפֿ: ~באַראַבאַניעז. 1.

אָנאָנבאָרג

פויקן, אָנפּײַקלען, אָנצימבלען. אָ, אין באַראַבאַן
און אויפֿוועקן דעם גאַנצן הויף. 2. מאַכן
אַ גוואַלדיקן טומל פֿיג פֿאַרטומלען עמעצן
.
טיט הויכע און פוסטע רייד. „ער האָט מיר עס
הײַנט אָנבאַראַבאַנעוועט אַ פֿולן קאָפּ“.
אָנבאָרג — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנבאָרגן ←.
אַ כּסדרדיקער אָ'.
אָנבאַרגן — טרוו. באַרג אָן, ~געבאַרגט.
אָנלייגן, אָנוואַרפֿן, אָנשיטן, אָנהויפֿן (עס זאָל
ווערן אַזוי וו אַ באַרג). אָ אַ קופּע מיסט פֿאַר
י
,

דער שטוב. אָ, אַ שטוז (שטויס) מיט ביכער.
אָ, עפּל אין מיטן פֿון סאָד. „מאָריס ראָזענפֿעלד
האָט... צונויפֿגעבלאָזן און אָנגעהויפֿט
ווערטער, אָנגעהיכט אַזוי ווי דער ווינט, וואָס באַרגט
אָן אַ סך בלעטער ב אַ וואַנט“, י.
ביאַלאָסי

טאָצקי, דוד עדעלשטאַט געדענקבוך, נ„י 1953.
אָנבּאָרגן — טרוו. בּאָרג אָן, ~געבּאָרגט.
1. כּסדר בּאָרגן, נעמען אויף בּאָרג, ניט פֿאַר בּאַר געלט. אָ, אין אַלע קראָמען און בּלײַבּן אַ בּעל־חובֿ אויפֿן גאַנצן לעבּן. „בּאַצאָל אַלע דײַנע שולדן, וואָס ער האָט דיר אָנגעבּאָרגט דער פֿאַלשער קרעמער, דאָס איז געמיינט דער יצר־הרע„, אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871. „הקפֿת החנות אינה משמטת — דאָס וואָס מע בּאָרגט אָן אין אַ קראָם מאַכט זי [שמיטה] ניט פֿרײַ", זרעים, סה/א. "בּרײַנדל האָט איר ניט אָפּצוצאָלן וואָס זי האָט אַ גאַנץ וואָך אָנגעבּאָרגט און בּעט נאָך אָן געלט", י. בּודזאָהן, דער גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927.
2. אָנלײַען (געלט, זאַכן). אָ, גמילות־חסדלעך. אָ, בּײַ אַלע בּאַקאָנטע. אָ, בּײַ אַלע שכנות, בּײַ איינער אַ פּאָר בּולבּעס, בּײַ אַ צווייטער אַ ציבּעלע. "עס איז געווען גרעסער די גוטס וואָס די ייִדן האָבּן געפֿונען אַרום ים ווי די גוטס וואָס די ייִדן האָבּן אָנגעבּאָרגט אין מצרים", א. מאַלקאָוו, ספֿר דרך אמת, וואַרשע 1894.
פֿאַרשידענע זאַכן [וואָס] מע האָט שוין אָנגעע —
ליגן, אָנגעבּאָרגט„ שלום־עליכם־שלום, משוגע'־

נע וועלט נ□־עס, וואַרשע 1908. ‟האָט זיך געפֿונען אַ ייִד אַ גרויסער למדן, וואָס האָט אַ סך זאַכן אָנגעבאָרגט בײַ די מצרים‟, א. בערגמאַן, קאָצקער מע□יות, וואַרשע 1929.

3. אַרײַנקריגן. איבערנעמען. אָ, דעם צווייטנס געדאַנקען און זיך אַרויסשטעלן מיט זיי.

מיט ז י ך — ‟וועט ער נאָך נישט האָבן אָפּגעצאָלט דאָס פּראָצענט פֿון דעם געלט וואָס ער האָט זיך אָנגעליגן און אָנגעבאָרגט‟, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. „... אָנגעבאָרגט זיך אין קרעמל„, פּרץ דראַמ, שריפֿטן, 342.

אָנבאָרדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ באָרד.

„דער הויכער ייִד מיטן נאַקעטן, אָ□ן פּנים‟, ב. דעמבלין, ער□ נאַכט.

אָנבאַרויבן — טרוו. איצ, אימפּ נב; □, באַרויבט. אַ סך באַרויבן, אַ צאָל מענטשן, אַ צאָל זאַכן. רײַך ווערן פֿון אָ,. אָ, גאָלד און זילבער.

אָנבאַריידן — ← אָבאַרעדן.

אָנבאַרייטן פֿטמ דזוו אָנברייטן ←. אָנ----.

גרייטן. אָ, אַלץ צו דער שׂמחה. „דר נוך ביריית

ער אַן צו עסן פֿון פֿיש פֿון פֿלייש און יגל,,,
,
לט1, א, 2. ,,ווען ער אביר צדקה גיביט אַז צדק
לפֿניו יהלך ולשמרו בּדרך אונ, בּרענגין אים
בּמקומו דאז אים אַן בּרייט איזט,,, גה, 265.
מיט ז י ך — זיך אָ, צו גיין דעם לעצטן גאַנג.
אָנבּאַרייטער — דער. מצ נבּ. שאַנדיונג.
"עס זאָל ניט זײַן פֿון די קינדער פֿון ישׂראל
אַן אָ, וואָס ער איז אָנגעבּרייט אויף משכּבֿ
זכור,,, חעט, דבֿרים, כג, 18.
אָנבּאַרייטערין — די, ־ס? אַרכ. זונה
(איידעלער). מ), ב פֿאַרטײַטשן ,קשה, —
,,אַן בּירייטרן,, [= שטענדיק גרייט צו דינען].
.< Mhd: be¯rei
אָנבּאַרימען — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~
בּאַרימט. שטאַרק, איבּערגעטריבּן בּאַרימען,
אָנלויבּן. אָ, די אייגענע קינדער. אָ, און
דערהייבּן בּיזן זיבּעטן הימל אַרײַן. אָ, אַ
דריטראַנגיקן שרײַבּער. אָ, אַ 'דראָנג, [= שלעכטער
אַקטיאָר]. מיט ז י ך — ,,און אַז זיי האָבּן
זיך שוין אין אַ גענוגענער מאָס אָנגעבּאַרימט

פֿאַר איר מיט זייערע פּראַקטפֿולע פֿאַפּירענע היטלען“, איבֿז, ק. טשוקאָווסקי, די זוניקע, קיִעוו 1934.

אָנבֿאַריר — דער, ־ן. נעאָל. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנבֿאַרירן. „דאָס ווילדגראָז אויף דעם קבֿר־בֿייט ווערט ביסלעכוויַיז פֿאַרבֿרענט בַיים אָ, פֿון דיַינע הענט“, מאיר שטיקער, טמז, 22 1)19 X.

אָנבֿאַרירן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~בֿאַרירט. 1. אָנרירן, אָנטאַפּן, באַטאַפּן עפּעס (עמעצן). אָ, מיט די ליפּן דעם קינדס קעפּעלע. דער בֿלינדער האָט מיט די פֿינגער אָנבֿאַרירט דעם אומבֿאַקאַנטנס פּנים. אָ, די בֿלומען. 2. אויפֿנעמען, איבֿערשמועסן, דורכריידן אַ געוויסן ענין (טעמע, פּראָבֿלעם, פֿראַגע, פּונקט אע). אָ, די דערציִאונג פֿון קינדער. אָ, די שעדלעכקייט פֿון רייכערן. מיט ז י ך ־דנג ־עניש.

. .

אָנבֿאַרעדן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ...,, באַרעדט. כּסדר בֿאַרעדן עמעצן. בֿאַרעדן אַ צאָל. אָ, אַלע שכנות. אָ, (אויף) די חבֿרטעס וואָס אין דער קאָרט שטייט.

אָנבֿאַרעכענען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~ באַרעכנט. 1. מאַכן אַ פֿאַלשע רעכענונג (

חשבון). צורעכענען אויסגעטראַכטע ציפֿערן.
צונויפֿשטעלן אַ רעכענונג (חשבון) און פֿאַלש
אונטערציִען. „דער קעלנער האָט אָנבאַרעכנט
דעם גאַסט פֿאַר ניט־געגעסענע שפּײַזן‚„ אָ‚ אַ
צעטל פֿון (פֿאַר) פֿרעמדע עבֿירות. 2. דזוו
צונויפֿרעכענען.

אָנבאַ'רעמלעך — אַדי. אַרכ. דזוו
אומדערבאַרעמדיק (←, 567) פֿר גיפֿט דער טראַכן
„ .

איר ווײַן אונ, הויבט דר פּיפּר נוטר אַן
באַרמליך‚„ טח, דבֿרים, לבֿ, 33.

אָנבאַרען — טרוו. ־רע אָן, ~געבאַרעט.
1. אָנשווינדלען; אָפּנאַרן עמעצן. אָ, דעם
פּראָווינצער יאָלד, אים פֿאַרקויפֿן אָ גרויסשטאָטישע
מציאה — די בריק. 2. וואול. דזוו
אויסבאַרען, ב2, 149.

אָנבבֿלען

אָנבאָרען זיך — אוטוו ־רע זיך אָן, זיך ~
גע.
באָרעט. סל. 1. אַ לענגערע צײַט זיך ראַנגלען
מיט עמעצן. „צום סוף אַז איך האָב מיך שוין
גאַנץ גוט אָנגעבאָרעט מיטן בעל־דבֿר...„‚ אבג,

דעקטוך, 1876. 2. זיך בּאָרען און אויפֿהערן.
,,געגוג, זיך שוין אָנגעבּאָרעט,,.
אָנבּאַרשטן — טרוו. בּאַרשט אָן, ~געבּאַרשט.
1. גוט צעקעמען מיט אַ בּאַרשט. אָ, דאָס
פֿעלכל קאָטיק עס זאָל גלאַנצן ווי אַ נײַע. 2.
אָנשמירן מיט אַ בּאַרשט. אָ, פֿאַרבּ.

אָנבּאַשאַסן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~
בּאַשאַפֿן. בּאַשאַפֿן אַ סך, אַ צאָל, וויפֿל מע
דאַרף אָדער נאָך מער. אָ, כּלערליי בּרואים.
א, אַזוי פֿיל סטאַטועטקעס ־ונג.
— —

אָנבּאַשוכן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~
בּאַשוכט. בּאַזאָרגן מיט אַ סך שיך, אַ צאָל. אָ,
די יתומימלעך פֿון אינטערנאַט. —ונג.

אָנבּאַשטראָסן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; י.,
בּאַשטראָפֿט. בּאַשטראָפֿן מיט פֿאַרשיידענע
שטראָפֿן. בּאַשטראָפֿן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ,

די תּלמידים, די אַרעסטאַנטן.

אָנבּאַשיטן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~ בּאַשאָטן. 1. (בּאַ)שיטן אַ סך, אַ צאָל. אָ, חתןכּלה מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, מיט קאָנפֿעטי. אָ, דעם גליטשיקן וועג מיט זאַמד. אָ, מיט קאָמפּלימענטן. 2. אויסשיטן. פֿאַרשיטן. „האָסט אָנבּאַשאָטן די גאַנצע פּאָדלאָגע מיט מעל“.

אָנבּאַשלאָגן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~ בּאַשלאָגן. אינגאַנצן בּאַשלאָגן, איבּערשלאָגן, אונטערשלאָגן (אַ צאָל). איבּערציִען מיט אַ מאַטעריאַל אַ צאָל זאַכן. אָ, די טירן מיט בּלעך. אָ, דעם פֿאָטערשטול מיט לעדער. אָ, דעם פּעלץ מיט זײַדענעם אונטערשלאַק.

אָנבּאַשמוצן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~ בּאַשמוצט. 1. שטאַרק בּאַשמוצן. אָנבּרודיקן. אָ, די גאַנצע פּאָדלאָגע, דעם טעפּעך. 2. פֿיג אָנ(בּאַ)רעדן רכילות. אָ, די נאָענטע פֿרײַנד.

אָנבּאַשמירן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~ בּאַשמירט. 1. שטאַרק בּאַשמירן. אײַנבּאַשמירן. אָ, די שטיוול מיט פֿעטס. אָ, די רעדער מיט דזשעגעכץ. אָ, די מוציאס בּרויט מיט שמאַלץ.

2 פֿאַרשמירן. אָנפּאַטשקען, ▯אַרפֿאַטשקען. אָ,

.
די ווענט מיט לאָזונגען. אָ, די פֿענצטער מיט קאַלך, קויט.

אָנבאַשענקען — טרוו ⃞ איצ, אימפּ נבֿ; ~ באַשאָנקען. געבן אַ סך מתּנות (צו אַ צאָל). אָ, עמעצן ביז איבערן קאָפּ. אָ, מיט די שענסטע מתּנות.

אָנבאַשרייבן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ⃞,

באַשריבן. 1. אַ סך, מיט פּרטים באַשרײַבן. „איך קען עס גאָרניט אָ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט", פּב. 2. באַשרײַבן געדיכט פֿון אַלע זײַטן. אָ, די וואַנט מיט שמוציקע רייד. אָ, דעם לופֿט־בריוו פֿון אַלע זײַטן.
אָנבבֿלען — [... באָוולען] טרוו בבֿל אָן, ~ געבבֿלט. אָנוואַרפֿן, אָנקלײַבן פֿאַרשיידענע סחורות. אָ, טײַערע און ביליקע שטאָפֿן.

אָנבדהנען

אָנבדהנען — [... באַ'דכענען] טרוו. בדחן אָן, ~געבדחנט. שלעכט און אַ סך

אימפּראָוויזירן. "ווען מײַן חבֿר... האָט דערהערט, איז ער אַרײַן אין אַזאַ פּאָעטישן עקסטאַז, אַז ער האָט אַזש אָנגעבדחנט אַ גאַנצע מעשׂה", פֿאָר, 1957 I י 5.

אָנבּוטלע(ווע)ן — טרוו ־טל(ע, עווע) אָן,

.

~געבּוטל(עווע)ט. אָנגיסן, אָנפֿילן (מיט ווײַן, בּיר אע) בּוטלעס, פֿלעשער. אָ, די ליטראָווע פֿלעשער מיט ספּירט און פֿאַרגיסן מיט טריוואַקס.

אָנבּוי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט

ון אָנבּויען ←. אַ מיאוסער (שיינער) אָ'. „ייִדן איז דערלויבּט... צו קויפֿן... ערד און אָ, וואָס געהערן צו גוטבּאַזיצער„, קמ, 1870, No 2.

אָנבּו אַנעווען — אוטוו. ־נעווע אָן, ~ געי

בּוּ אַנעוועט. בּוּ אַנעווען אַ לענגערע צײַט; י י

ווערן ווילד און אָנטאָן, אָנמאַכן שאָדן, אַרויסרופֿן אַ געשלעג. זיך אָנזשליאָקען און אָ, אויף דער דאָרפֿישער חתונה. מיט ז י ך — זיך אָ, און איבּערשלאָפֿן אַ נאַכט אין קאָזע.

אָנבּויג, ~בּויגונג, ~בּויגן — ← אָנבּייג,

י'בייגונג, ~בייגן.
אָנבּויטען — טרוו ־טע אָן, ~געבּויטעט.
.
אוקר. אָנגיסן, אָנפֿילן מיט אַ פֿליסיקייט (און אויסמישן, צונויפֿמישן מיט אַ געדיכטער מאַסע). ,,מע נעמט ראָזינקעס... מע האַקט זיי אַרײַן אין אַ גרויסער פֿאַס און מע בּויטעט אָן דאָס יבּעריקע מיט וואַסער,,, שע, נ .־ כּתרילעווקע. ,,זאָל זי נעמען אָ, אַ גאַנצע פּאָמוניצע", שע, דאָס טעפּל.
אָן בּויכווייטיק פֿראַזע. אויך: אָן יעדער

מין ווייטיק, אָן צרות, אָן אָנשטרענגונג. דערגרייכן עפּעס אָן בּ,. ,,וועט [זי] ווערן זײַן טאָכטער אָן בּ',,, בּ רעסלער, טמז, 3 1962 II.
אָנבּויכיק — אַדי. וואָס איז אָן אַן אַרויסשטאַרצנדיקן בּויך. וואָס איז ניט אויסגעפֿוישט. אַ דאַרער, אַן אָ'ער. גוט אָנגעפֿילטע אָ'ע זעק.
אָנבּויכן — טרוו. בּויך אָן, ~געבּויכט. 1. אָנלייגן, אָנפֿאַקן (מיט עפּעס) עס זאָל אויסזען ווי אַ בּויך. אָ, דעם טשעמאָדאַן, מע זאָל אים ניט קענען צומאַכן. אָ, דעם דאַרן אַקטיאָר מיט אַ 'ווקלאַדקע', ער זאָל קענען שפּילן אַ בּײַכיקן

פֿריץ. 2. שלאָגן אין בֿויך. „מע האָט אים גוט אָנגעבֿויכט„. 3. וואול. מאַכן טראָגעדיק. מיט ז י ך — 1. קריגן אַ גרויסן, אויסגעפֿוישטן בֿויך. 2. פֿאַרשוואַנגערן.

אָנבֿוימלען — טרוו. ־מל אָן, ~געבֿוימלט. אָנשמירן מיט בֿוימל. אָ, די פֿאַטעלניע. פֿיג. אונטערקויפֿן. „אַז מע בֿוימלט אָן, בּאַקט זיך בּעסער„.

אָנבֿויען — טרוו. בֿוי אָן, ~געבֿויט. 1. אויפֿשטעלן אַ סך בּנינים. אָ, אין הויף שטאַלן און שטעלכלעך. אָ, אַ נײַע פֿאָרשטאָט. אָ, שײנע הײַזער אין צפֿון פֿון תּל אָ□יבֿ. "ער האָט

אָנגעבֿויט גאַנצע גאַסן אין בּרוקלין". „ווען עס וואָלט זײַן אַזוי שלעכט ווי דער ייִדל האָט אָנגערעדט, וואַלט מען ניט אָנגעבֿויעט אַזעלכע

הײַזער...„„ די מע□ה פֿון פֿיער בּרידער, וואַרשע 1906. *אָ, פּיתום און רעמסס = זייער אַ סך, אַזוי ווי ייִדן אין מצרים פֿאַר פּרעהן. "אַ ייִד וואָס האָט אָנגעבֿויט פּיתום מיט רעמסס", פּינסקער שטאָדט־לוח, תּרס"ד. 2. צובֿויען.

אַרויפֿבויען. אָ, צום הויז אַ פֿליגל. אָ, דאַכקעמערלעך.
3. קולטיווירן. "ווען ראובֿן האָט געגעבֿן שמעונען פֿעלדער און שמעון נעמט זיך אונטער די פֿעלדער מיט זײַן נאָמען אָנצובויען און זיי צו באַאַרבעטן...,,, הרבֿ מ. הורוויץ, ספֿר פּרשת מרדכי, 1866. "מע זאָל ניט אָ, צוויי גאַטונג זרעים אין ארץ־ישׂראל, אָבער אויסער ארץ־ישׂראל מעג מען יאָ אָ'", ספֿר המצוות, וואָרנאָוו 1935. 4. פֿאָרלייגן, אויפֿשטעלן פֿאַרשיידענע פֿלענער (אויך אומפּראַקטישע, פֿאַנטאַסטישע). אַנטוויקלען אַ טעאָריע מיט כּלערליי פּרטים (איר בײַטעם). אָ, אַ גאַנצע טעאָריע אויף איין שוואַכער הנחה. ,,וואָס האָסטו דאָ אָנגעבויט אין איינע צען מינוט? ביסט דאָך טאַקע אַ פֿאַנטאַזיאָר". אויך מיט ז י ך.
־ונג. ־עכץ. ־ענ□ש. ־ער.
אָנבויערן — טרוו. ־ער אָן, ~געבויערט.
1. בויערן, דרילן, דרעלעווען אַ סך. אָ, צענדליקער לעכער אין וואַנט. אָ, ברינעמער. אָ, אַ גאַנצן שטח און ניט געפֿינען קיין נאַפֿט. ,,דער צאָן־דאָקטער האָט מיר אָנגעבויערט אַ האַלב מויל ציין און ניט פֿאַרפֿלאָמבירט,, פֿיג:

אָ אַ לאָך אין קאָפּ. אָ, עמעצן דעם קאָפּ מיט

ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן.

אָנבּויקען — טרוו ־קע אָן, ~געבּויקעט. לאָקל,

סאָניק און אומג'. דזוו אָנבּויקערן. אָנבּרעכן,
אָנשלאָגן עמעצן מיט די פֿויסטן. „אָ, די
ווײַסעחבֿרהניקעס זיי זאָלן פֿאַרזאָגן אַ צענטן“. אָ,

די ביינער, די זײַטן = דערלאַנגען, געבּן
נישקשהדיקע קלעפּ.

אָנבּויקערן — טרוו. ־ער אָן, „..געבּויקערט.
אויך: ~בּייקערן. אָנשלאָגן מיט אַ פֿויסט.
אָ, די ביינער. “ס'ווײַב האָט אים מיט אַ
בּעזעם אָנגעבּויקערט, וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן“,
פֿמ. “כ'האָב גוט אָנגעבּויקערט... דעם
חזירניק, אַז ער וועט מיך האָבּן צו געדענקען“,
א. מ פֿוקס. „קיפֿן און בּויקערן אָדער אָ, —

דאָס האָט מען געמעגט. קיפֿן (שלאָגן מיט די
ויסטן אין די זײַטן אַרײַן) און בּויקערן (
דערלאַנגען וואו נאָר די האַנט פֿאַלט) זײַנען הייסט

עס כשר“, א אַלמי, פֿאַש, 30 1953 I. —ונג.
אָנבוכ(צ)ען — טרוו. ־כ(צ)ע אָן, ~
געבוכ(צ)עט. פּפֿ: ~בוכקען. אויך: ~בּדכטשען.
אָנשלאָגן מיט די פֿויסטן. “... בּיז מײַן בּרודער
אליהו האָט מיך גוט אָנגעבּוכעט“, שע, מאָטל.
“דערלאַנגט אין די ציין אַרײַן און אים
אָנגעבּוכטשעט די זײַטן,,, י. מעצקער פֿאָר, 1967)(1.

,

־עניש.
אָנבּולבּלען — דזוו דוווו.
אָנבּולבּען — טרוו. ־בּע אָן, ~געבּולבּעט. לד:
~בּולבּענען. 1. אָנבּלעזלען. אָ, זייפֿוואַסער.
אָ, די אייבּערפֿלאַך פֿון וואַסער.   2. דזוו אָנ

אָנבּורזשואַזקייט

בּאָלבּען ←.   3. מאַכן פֿלעקן, שפּרענקלען.
אָנמאַזשען. אָ אַ גאַנצע זײַט פֿון העפֿט.

,

4. מאַכן טעותן. ,,האַלט קאָפּ בּײַם חשבּון, זע
זאָלסט ניט אָ,“.   5. (אַקטיאָריש) פֿאַרדרייען,
איבּערדרייען ווערטער (פֿון דער ראָלע) בּײַם
רעדן אויף דער בּינע. ,,האָט ער הײַנט
אָנגעבּולבּעט אַ נאַכט. כ'האָב די גאַנצע צײַט געלאַכט

פֿון זײַנע בולבעס" ־עניש.

.

אָנבונד — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנבינדן ←.

אַ פֿעסטער (לויזער) אָ'.

אָנבונטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~

גע.

בונטעווט. אָנרעדן, אָנהעצן צו (מאַכן) אַ בונט. אָ, די מאַטראָסן. אָ, די פּויערים קעגן די פּריצים.

-

אָנבוסן — טרוו. בוף אָן, ~געבופֿט. (שנײַדעריש) אויסבעטן אַ טייל פֿון מלבוש מיט וואַטע, מיט 'קישעלעך', כּדי דער טייל זאָל זיך אַרויסהייבן. אָ, דעם אייבערשטן אַרבל. אָ, די אַקסלען. אָ, די ברוסט פֿון מונדיר.

אָנבוצקען — טרוו. ־קע אָן, ~געבוצקעט.

1. דזוו אָנבוכצען ←, אָנבויקערן ←. .2

במקום־ווערב פֿאַר אײַליק, שלעכט, ניט־געראָטן עפּעס אָנשרײַבן, אוי נייען, צוזאַמענקלאַפּן אע.

אָנבוצקען זיך — אוטוו. ← דפּוו.

אומגעריכט זיך אָנשטויסן, צוזאַמענשטויסן אויף
אַן אומגעלומפּערטן אופֿן. פֿלוצלינג זיך
אָנקלאַפּן, אָנקנאַקן, אָנטראַסקען. זיך אָ, מיטן
קאָפּ אין וואַנט. זיך אָ, אין טיר מיטן '
געשמאַקן, שכן. זיך אָ, אין גאַס מיט אַן
אומבאַקאַנטן און זיך (ניט) אַנטשולדיקן. צוויי
בוידן האָבן זיך אָנגעבוצקעט אויפֿן טראַקט.
־עניש.

אָנבוקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געבוקלט.
(וועגן האָר) מאַכן עס זאָל שטאַרצן אויף אויבן.
אָ, די האָר.

אָנבוקן זיך — אוטוו. בוק זיך אָן, זיך ֹ,
געבוקט. 1. אַ ביסל זיך (אָנ)נייגן, פֿאַרנייגן.
איַינייגן, אַ ביסל אָנבייגן דעם אייבערשטן
טייל קערפּער. „זי זאָל זיך נישט גוט אָנבוקן
[בשעת טבֿילה] ביז עס זאָל פֿאַרבאָרגן ווערן
אַלע פֿאַרבאָרגענע ערטער, זי זאָל זיך נאָך אַ
ביסל בוקן אַזוי ווי זי וואַלגערט טייג„, הרב מ.
טייטלבוים דק״ק איהעל, ספֿר מעין טהור, אָרט?
יאָר? 2. זיך האַלטן אין איין בוקן, פֿאַרנייגן.
זיך בוקן אַ לענגערע צייַט. אָ, זיך פֿאַר די
שׂררות.

אָנבורבלען — טרוו. ־בל אָן, ~געבורבלט.
← אויסבורבלען. אָנרעדן שטיל, אָפּגעריסן,

אומקלאָר. אָ, פֿולע אויערן. אָ, אַ גאַנצן אוי־
דערנאַכט, קיינער זאָל אַ וואָרט ניט פֿאַרשטיין.
אויך דזוו אָנבולבען, בב 1, 2. ־עניש.
אָנבורזשואַזקייט — די. מצ נב. מצבֿ,
אייגנשאַפֿט פֿון ניט האָבן קיין בורזשואַזיע. "צווישן
איינקע אינטעליגענטלעך איז אַרומגעגאַנגען
די טעאָריע וועגן דער... אָ, פֿונעם ייִדישן
פֿאָלק,,, חיים לויצקער, דער שטערן, אַלמאַנאַך
II, קיִעוו 1948.

אָנבורטשען

אָנבורטשען — טרוו ־טשע אָן, ~
געבור.
טשעט. 1. אַ סך בורטשען. אָנרעדן
אומקלאָר, אָפּגעהאַקטערהייט מיט אַ האַלב־אָפֿן מויל,
(אַזוי ווי) דורך דער נאָז. אָ, עפּעס אַז קיינער
זאָל ניט וויסן וואָס ער וויל. 2.
אומצופֿרידענערהייט רעדן מיט (אין) אַ בייזן טאָן, אַזוי
ווי צו זיך. אָ, אויף די קינדער. אָ, עפּעס אַן
אָנזאָג. אָ, אַלעמען אַ פֿולן קאָפּ. מיט ז י ך —
זיך אָ, און אַוועקגיין.

אָנבּורען — טרוו. ־רע אָן, ~געבּורעט. 1. אָנרייצן, אָנהעצן. אויפֿהעצן. אָ, די שקצים, זיי זאָלן זיך וואַרפֿן שלאָגן. אָ, די אַרבּעטער קעגן בּאַלעבּאָס. 2. דזוו אויפֿבּורען (← 398, בּ1).

מיט ז י ך — ← אויפֿבּורען זיך.

אָנבּושהדיק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט ניט, פֿאַרמאָגט ניט, דאָס געפֿיל פֿון בּושה. „אָ'ער מאַסקאַראַד„, י. יאַנאַסאָוויטש, מימ יִדישע שרייַבּער אין רוסלאַנד. „אַן אָ'ע בּענקל־רײַסערײַ„, ש. בּיקל, טמז, 18 1963 I. ־יקייט.

אָנבּושעווען — אוטוו. ־שעווע אָן, ~י„ געבּושעוועט. 1. אַ סך בּושעווען, ווערן ווילד און הויך טומלען, בּרעכן און שטעכן, זיך שלאָגן. אָ, ווי די פּאָגראָמשטשיקעס, ווי שיכּורע פּריזיוועניקעס. 2. שטיפֿן, קאָמאַנדעווען. מיט ז י ך — אָ, זיך אַ גאַנצן טאָג און אַוועקפֿאַלן ווי אַ געהרגעטער.

י

אָנבּהורן — [... בּאָכערן] טרוו. בּחור אָן, ~געבּחורט. (גראָבּ) מאַכן שויאַנגער. „ געקומען אין שטעטל און אָנגעבּחורט עטלעכע פּראָווינצער בּהמות„.

אָנבּידעווען (זיך) — אוטוו. ־דעווע (זיך)

אָן, (זיך) ~גע‌בֿידעוועט. 6 :a'm □ □<.
אָנפֿלאָגן זיך; האָבֿן צרות, נויט אַ לענגערע צײַט. „זי האָט זיך שוין אין די זעקס יאָר געגוג אָנגעבֿידעוועט„, ש. בעקערמאַן, די געהיימניס פֿון אַדעס, אַדעס 1885. „נישקשה, ער האָט זיך גענוג אָנגעבֿידעוועט, ביז ער האָט זיך דעראָבֿערט צו אַ שטיקעלע תּכלית“, שע, בלאָנדזענדע שטערן I. „גענוג... וואָס זי האָט זיך אָנגעבֿידעוועט אין די קינדער־יאָרן„, בערג, בײַס דניעפּער II.

אָנבֿיטונג — די, ־ען. אַקט פֿון אָנבֿיטן ←. אָנבאָט(ונג).

אָנבֿיטן — טרוו. ביט אָן, □י'געבֿיטן. 1. דזוו אָנבאָטן ←. „אום דשׂ בפֿעהל צו ניקשׂ צו מאַכן זיא לאזטן אַן דען קינג פֿיל געלט אָ'„, שאַר. „ווער ס'האָט... זיך געוואַגט אָנצובֿיטן אַ ווערלווערלערן מקח, האָט מען אים אויך נישט אַרויסגעלאָזט„, קמ, 33 '1864 No. „געזען אַ ייִדן... אַ לײַטישן בעל־הבית פֿון די וואָס איך פֿלעג אָ, מײַן סחורה„, ממוס, 'דער חילוף'. „דער אויפֿזעער פֿון הויז ביט איר יעדן טאָג אָן סובלאָקאַטאָרן„, אַש, בײַם אָפּגרונט. “דער שטייגער איז פֿון מענטשן צו מאָנען מער וויפֿל מע ביט אָן“, ייִז, חבֿר נחמן. *אָ, שלום =

אָפּגעבן דער ערשטער שלום־עליכם. „ווער דא
וויש ווען זײַן חבֿר אים בּיגעגנט, לעגט ער

1435

אים שלום צו געבּון, זאָל ער אים ערשטן אַן
בּיטן שלום„„ עיון.

2. אַרכ. דזוו אָנבּעטן I ←. ־M d: an

bi en. “דײַן חבֿר מיט וואש דוא אים אַן
בּיטשט ווערט דיר העלפֿן“, עיון, כ/כ. „.... זיא
זאָלטן אים פֿר איין גאָט הלטן אונ, זאָלטן אין
אַן בּיטן“, מבּ. [מעגלעך אַז י אין בּיטן
בּאַצייכנט דאָ דעם קלאַנג ע.] „פֿאַר איין איבּריגן
טרונק טוא דיו היטן, ווען מן דיר שון זער
טואט אַן בּיטן„„ סtoה II פֿיורדא 1723.

,

3. אַרכ. אָנזאָגן און וואָרענען. „אונ, דו
זאָלשט זײַנר מוטר אנפֿיטן זגן דש זי אירן
זון לושט היימליך דר שלאָגן„„ בּבֿא־בּוך, 59.
„דר קוינג ליש אים אנבּיטן ער העט גיטרונקן
צו ויל ווײַן„„ מלכיס־בּוך, [פֿ. פֿאַלק, וואַכשטיין
בּוך, ייִוואָ].

אָנבּיטשעווען — ־טשעווע אָן, ..

געבּיטשעוועט. אַמ. h (bi: >. אוטוו — אַ לענגערע צײַט זיך אויפֿפֿירן ווי אַ כלבֿטע, אַ הונט. אָ, און זיך צעקריגן מיט אַלע שכנים. טרוו — אָנקלײַבן, אָנזאַמלען האָבֿ־און־גוטס מיט אומערלעכע מיטלען. אָ, הײַזער. „ער האָט אָנגעבּיטשעוועט האַלבֿ פֿלעטבּוש“.
אָנבּיטשען — טרוו ־טשע אָן, ~געבּיטשעט.

לאָקל (וולאָצלאַוועק). אָנשטאָפּן מיט געלט (טײַערע חפֿצים). „דער גבֿיר האָט אָנגעבּיטשעט דעם גוטן איידעם„. געוויינלעך מיט ז י ך. „ר'האָט זיך גוט אָנגעבּיטשעט„ = געוואָרן זייער רײַך.
אָנבּייג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנבּייגן (זיך). אָ, פֿון אַ ליניע. קרומער אָ'. אָ, פֿון עמער.
אָנבּייגן — טרוו. בּייג אָן, ~געבּויגן (אויך: ~געבּייגט). 1. אַ בּיסל בּייגן, נייגן אויף אַראָפּ אָדער אין אַ זײַט. אָ אַ צווײַגל, אַ

,

יונג בּיימל. אָ, דעם סאַמאָוואַר און אַרויסלאָזן דאָס לעצטע בּיסל וואַסער (טיי). אָ, די פֿאַס בּיר. אָ, די קני. (לײַכט) אָ, דעם קאָפּ בּײַם פֿאָרטראַכטן זיך אָדער בּאַגריסן זיך. *אָ, דעם

ק אָ פּ — אויך: א) אויסדרוק פֿון טרויער אָדער פֿאַרשעמטקייט. אָ, דעם קאָפּ בײַם אויסהערן אַ הספּד. אויסהערן מוסר אָ'דיק דעם קאָפּ. אָ, דעם קאָפּ פֿאַר חרפּה; ב) אויסדרוק פֿון דרךארץ פֿאַר אָ גרעסערן מענטש פֿאַר וועלכן

, ״ .

מע האָט דרך־ארץ און אָפּשײַ ברויך מען דעם קאָפּ אָ',,, יע, דער מענשליכער קערפּער, 21; ג) אויסדרוק פֿון רעזיגנאַציע, אונטערטעניקייט. ,,דעמאָלט האָבן שוין אַלע אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געמאַכט אַ שווײַג,,, שע, 'דער מיסטייק, [סאָוו, היימלאַנד, 1961, No]. ,,הייסט דאָס לעבן?... שווײַגנד אָ, דעם קאָפּ, — קלײַבן ברעקלעך, וואָס ער וואַרפֿט דיר ווי אַ הונט פֿון טיש אַראָפּ“, ד. עדעלשטאַט פֿאָלקס־געדיכטע,

,

נ,,י תרס,,ד; ד) בײַ אַ תּפֿילה ,,שטעלן זיך אַלע אויף, מאַנצבילן, ווײַבער און יונגוואַרג, אָנצובייגן דעם קאָפּ בײַ 'ברכו, און נאָכצוזאָגן: 'ברוך ה, המבורך לעולם ועד',,, ד. י. זילבערבוש, שטרעכאַלעך.. , ווין 1916. *אָ, דעם

אָנבייזערן זיך

ר ו ק ן — אויך: זיך אונטערגעבן, זיך
אונטערוואַרפֿן. אָ, דעם רוקן פֿאַ ן זיגער.
2. דזוו צובייגן, צונייגן. „זאָל ווייען פֿון
ערגעץ עפּעס אַ ווינטעלע, שושקען זיי [די
ביימער] זיך איבער, סודען זיך, אָ'דיק די קעפּ
איינע צום אַנדערן„, ממוס, שלמה. *אָ, די
א ו י ע ר ן — מיט אינטערעס זיך צוהערן. מס
פֿאַרטײַטשט „בני... לתבֿונתי הט אָזנך, (משלי,
ה, 1): „מײַן קינד, בייג אָן דײַנע אויערן צו
מײַן מבֿינותשאַפֿט„ [תּי: „נייג דײַן אויער„].
3. בייגן ביז צו דער ערד. „דער ווינט האָט
אָנגעבויגן דעם פֿאַרקאַן און אים אומגעוואָרפֿן„..
"די וויקלראָד האָט געהאַט אָנגעבויגן די הויכע
רייען ווייץ. אונטערגעשניטן בײַם וואָרצל„,
ע. איזראַ פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928.
4. אויסבייגן אַ סך, אַ צאָל, וויפֿל מע דאַרף.
אײַנקרימען. אָ, געננג טשוועקעס צו מאַכן
הענגערס. אָ, דראָטן, רערן. „איך האָב הײַנט
אָנגעבויגן אפֿשר 20 רערן„. 5. מאַכן פֿאַלדן,
קנייטשן. אָ, פּאַפּיר. אָ, געוואַנט.
אָנבייגן זיך — ← דפֿוו. 1. (אַ ביסל)
אײַנבייגן זיך; צובייגן זיך, צונייגן זיך
פֿאַר.

נייגן זיך. „בייגט זיך אָנעט נאָענט צו מיר
און גיט מיר איבער אויף אַ ציטערדיק קול...„,
ממוס פּישקע. “... זיך אויפֿגעשטעלט אויף

,

די פּיס, האָב איך זיך געגעבן אַ בייג אָן צוריק
און בין ווידער אומגעפֿאַלן„, ממוס, ,צוריק
אַהיים'. 2. זיך אַראָפּבייגן אינגאַנצן. זיך
אײַנבייגן ביז צו דער ערד. „איך וועל נעמען
אַ פּינגערל און וועל אַראָפּוואַרפֿן אויף דער
ערד, און בייג ד י ך אָן נאָך דאָס פּינגערל,
כּדי לײַט זאָלן מיינען, דו בוקסט דיך צום
בילד„, קמצא בר קמצא, [לעמבערג] יאָר? „זי
וויל זיך שוין אָ, צום שניי... אין דעם
דערהערט זי ווי די קינדער שרײַען„, סעג, '
גאָלדענע פּאַווס, [אַנטאָלאָגיע, נ„י 1946]. „אַ
געפֿאָנגענער בייגט זיך אָן, כּדי אויפֿהייבן דעם
'ביטשאָק, [= ניט־דעררייכערטער פּאַפּיראָס]“,
מ. לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 .3 1961' No. ווערן
אײַנגעהויקערט, אײַנגעשרומפּן. ווערן
אויסגעבויגן, אײַנגעבויגן. אָ, זיך אויף דער עלטער.
דער רוקן האָט זיך אָנגעבויגן פֿון שלעפּן דעם
שווערן עול פֿון פּרנסה. ־ונג. —עכ◌ן.
־עניש.
אָ'נבייזער — דער. אַקט פֿון אָנבייזערן

(זיך). געבייזער, רוגזא. אַן אָ,
אומזיסטאומנישט.
אָנבייזערן — טרוו. ־ער אָן, ~געבייזערט.
מאַכן עמעצן בייז. אָ, דעם רבין מיט
שטיפֿערײַען. „אים איז גרינג אָנצובייזערן. ער איז
אַ כעסן“. „זי האָט געזען ווי דער קאַפּיטאַן
האָט זײַנע ברעמען אָנגעבייזערט“, נס איבז,
הוגאָ, נאָטר־דאַם, קיִעוו 1929.
אָנבייזערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַרוימ.
ווײַזן (אַ קליין ביסל) כעס, בייזקייט בנוגע
עמעצן. “דער וואָס איז נישט עוסק בתורה
הייסט ער אַ 'נזיף, (אָבֿות, ו, ב) — אַ מענטש
וואָס הקב„ה האָט זיך אָנגעבייזערט און איז
אויף אים ברוגז„, נצ2. „[דער רבי] האָט... אַן

אָנבײַטן

אַרבעט... זיך שלאָגן מיטן שׂטן,... זיך אָ,
אויף אַן עזותדיקן גלגול“, [ייִל], דער קליינער
כל־בוניק, זב, אַדעס 1885. „טייל האָבן
געמיינט אַז אַיך מאַך פֿון זיי חוזק און האָבן זיך
אויף מיר גאַנץ גוט אָנגעבייזערט“, וואַרשעווער
יודישע צײַטונג, 43 7 ▯ 18, No.
2. אָנמוסרן, אויסריידן, טאַדלען מיט

בײזקײט אין שטים. „איז ער זײער בײז געװאָרן װאָס זי צעמישט אים פֿון לערנען, האָט ער געעפּנט די טיר און האָט זיך אויף איר אָנגעבײזערט“, ספֿר אהלי צדיק, פּשעמישל, יאָר? „די תּלמידים... האָבן אָנגעהויבן שמײכלען. דער רבי האָט זיך אָבער באַלד אָנגעבײזערט אויף זײ„, ג. ח. לעװנער, פֿאַר שפּעטיגט די כּלה, װילנע 1900. „מיט אַלעמען האָט זי זיך איבערגעקריגט, אויף אַלעמען זיך אָנגעבײזערט„, שע פֿונעם אַריד. „און ער האָט זיך

אויף איר אָנגעבײזערט יעדער מאָל, װאָס זי האָט אָנגעהויבן רעדן װעגן דעם“, ייִז, שטאָל און אײַזן. ־ונג. ־ניש.

אָנבײטן — טרוו בײַט אָן, ~געביטן. פּר

.

דזוו אויסבײַטן ←, אײַנבײַטן ←, ב1. ־עכ ן.

אָנבײטשן — טרוו בײַטש אָן, ~געבײַטשט.

1. אָנשלאָגן מיט אַ בײַטש. אָנשמײַסן. דער בעל־עגלה האָט אָנגעבײַטשט די פֿערד זײ זאָלן לויפֿן שנעלער. 2. אויסמוסרן, אויסשײגעצן. דער טאַטע האָט אָנגעבײַטשט זײַן זון. 3. סטימולירן, אונטעריאָגן, אונטערטרײַבן, שטאַרקן.

„אַ נײַער שרעק האָט אים אָנגענומען און
אָנגעבײַטשט זײַנע אָפּלאָזנדיקע כוחות“, זש,
פאַר די זינד פֿון זייערע עלטערן, [טמז, 1963
-,

IX 15].
אָנבײַכלען — ← אָנבויכן. אויך דזוו
אויסי
בײַכלען (← 151).
אָנביילן — טרוו. בײַל אָן, ...געבײַלט. 1.
אָנ -
מאַכן עמעצן אַ בײַל. אָנשלאָגן מיט אַ פֿויסט.
אָ, דעם קאָפּ, די פּלייצעס. 2. צונויפֿדריקן
די פֿינגער אין אַ פֿויסט. אָ, די ינגער.
אָנביימלען אָנבוימלען.

אָנביימלען — טרוו. ־מל אָן, ~געביימלט.
נעאָל פֿאַר לאַנצן, אָנפּלאַנצן (מיט) ביימלעך.
.
אָ, דעם גאַנצן שטח אַרום דעם נײַעם הויז.
אָנביינדלען — טרוו. ־דל אָן, ~געביינדלט.
1. אויסביינדלען. אַרויסנעמען קערנער פֿון
פּרוכטן. אָ, קאַרשן. 2. אָנוואַרפֿן, צעוואַרפֿן

די ביינדלעך (קערנער) איבער פֿאַרשיידענע ערטער. אָ, די גאַנצע שטוב מיט קאַרשןקערלעך.

אָן ביינער פֿראַזע. מיטן ערשטיקן ב (אַ -

שטיקל פֿיש אָן ב') און אויך: מיט אַ שוואַכן, וואַקלדיקן כאַראַקטער; אָן אַן אייגענער מיינונג. „אויף אים קען מען ניט בויען (זיך פֿאַרלאָזן), ער איז אָן ב'". "ער איז אָן ב', ווער עס זאָגט אים עפּעס, באַמקעט ער גלײַך צו", ייִשפּ I ו, 3 — .

אָנביינערדיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן ביינער. אַן אַ'ער וואַרעם. אָ'ע הידרע. 2. וואָס איז אויסגעביינערט געוואָרן. „די ייִדענע האָט

1436

געבעטן דעם קצבֿ, ער זאָל איר געבן אַן אָ, שטיקל פֿלייש". 3. ← דפֿוו. ווייכלײַביק, וואָס איז אָן אַ פֿעסטן כאַראַקטער. „דער אָ פּאַרשוין, ווי איר קוקט אים אָן, איז, רחמנא לצלן אָ', איר קאָנט אים בייגן אַהין און אַהער„. „צו אָ', צו גוטמוטיק זײַנען די פֿרײַנד", ימ, נײַס, 6 1926, No ־יקייט.

אָנבּייס — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנבּײַסן. דער

-

-

אָ, פֿון אַ צײנערדיקער ראָד פֿון אַ מאַשין.
אָנבּײסן — דער & דאָס. 1. פֿרישטיק. דער

-

ערשטער מאָלצײַט נאָכן אויפֿשטײן אינדערפֿרי.
דזוו איבּערבּײַס איבּערבּײַסן ., 885. אַן אָ,
פֿון אַ דאַר שטיקל בּרויט מיט אַ ציבּלקעלע,
אַ צײנדל קנאָבּל אָדער מיט אַ גרינער אוגערקע.
אַ בּיסל ציקאָריע צום אָ'. „נאָכן דאַווענען האָט
מען געגעסן אָ'“, רייד (בּוטשאַטש). “ער זאָל
גוט אָ„ קען ער דערנאָך אומגײן דרײַ טעג —
א ניט־געדאַוונטער“ פֿוול. „מן זול זיך גיווינן

-

איין שטיקליין בּרוט צו עשׂין צום אַן בּײַשׂן
דען אונזרי חכמים ז„ל זאגין דרײַא אונ,
זעכציג חלאים זײַן אַן דער גאַל אונ, איין
שטיקליין בּרוט דשׂ מורגן און איין וויניג וושׂיר
טרײַבּט זיא הין וועק“, ספֿר המנהגים, אַמשט
1723, ד/ב. „זיי האָבּן אין דער קרעטשמע

איבערגענעכטיקט און אינדערפֿרי האָבן זיי געהייסן דעם בעל־הבית, ער זאָל זיי צוגרייטן אַן אָ'", פּ. ג., נסים מן השמים, לובלין 1914. ,,לויפֿט געשווינד און טראָגט צו דעם איידעמל אויף אַ טאַץ אָ': אַ פּאָר אייער, בייגל, אַ פֿוטערגעבעקסל מיט אַ גלעזל ציקאָריע", ממוס, ווינטש . ,,זונטיק עסט פֿאַן ווינקלער אַ בעסער אָ',,, י. פּערלע, 'ניַין אַזייגער אינדערפֿרי, [אַנטאָלאָגיע.. , 946

2. ליַיכטער צובייס אין יעדער צייַט פֿון מעת־לעת. ספּעצ צוביַיס נאָך אַ תּענית. tבּ פֿאַרטיַיטשט 'סעודת הבֿראה, — ,,אָן ביַיסין". "דער שׂכר פֿון צדקה געבן איז ווען דוא תּענית האשׂט אונ גיבשׂט דען ארים מן צו אבֿנט צום אַן ביַיסן אַז קען דער הלטין זיַין לעבין", עיון, א/2. "ר, צדוק האָט געפֿאַסט 40 יאָר. ער פֿלעג צו זיַין אָ, אויסשמאָקטשען אַ פֿיַיג,,, אמד, דער מיליאָנער, 1868. ,,דער יצר־טובֿ שריַיט פֿאַרקערט. דאָס אָ, איז אין אַ נדחה אויך פֿאַרווערט", א. בּ. רוף, דער שיכּור..., וואַרשע 1871.

3. מיטאָג. סתּם מאָלציַיט. "מיטן נעכטיקן אָ, איז מען היַינט ניט זאַט", שוו. ,,די שׂונאים

זאָלן עס (דאָס) האָבן אויף אַן אָ'‘‘, קללה. ‘‘לויט
האַרקאַווי איז אָ, דאָס זעלבע ווי איבערבײַסן,
דהײַנו פֿרישטיק. אין ראַסיין [ליטע] איז
איבערבײַסן געווען פֿרישטיק, אָ, — מ י ט אָ ג ,
און וועטשערע — אָוונטברויט‘‘, ר, ל פֿײַנבערג,
.
ייִשפּ II □. ‘‘מאַכט אַן בײַסין צו זיא איין סעודה
איין גרושי‘‘, סהמ, מלכים, קיב/א,
ווילהרמרשדאָרף 1716. ‘‘צום שוחט האָט זי דעם האָן
געשיקט און אויף אָ, אים אָפּגעפּליקט‘‘, עט,
משליס. „דאַרפֿסט איבערפֿרעגן ווי□ל פֿלייש
די בעל־הכיתטע לייגט אַרײַן אויף אָ',„ מ.
דלוגאַטש, די וועלט מסורה, 1881. „טושט דוא

אָנבייצן

דיך ניט דער באַרמין אונ, גיבשט אַלי צײַט אין
מײַן אַן בײַסין גאַל‘‘, בע, לא/ג. „פֿרײַטיק
ווערט אין ערגעץ קיין אָ, געקאָכט און קיין
אָרעם־בחור האָט ניט קיין טאָג‘‘, אמד, עוזר
צינקעס אונ דיא ציג, ווילנע 1868. „דער רבֿ
דמתא האָט געבעטן דעם מגיד צו זיך אויף
אָ',„ לדב, נ‘‘י תשי‘‘ז. ‘‘מיר זײַנען אַלע געזעסן
בײַם טיש און געגעסן אָ,... דער זייגער האָט

געשלאָגן... איינס, צוויי,... עלף, צוועלף,
דרײַצן“, שע, 'דער זייגער'.
אָנבייסן — טרוו. בײַס אָן, ~געביסן. 1. אַ
-
בײַס טאָן, אָבער ניט אָפּבײַסן. אָ, אַ פּאָר עפּל
און זיי אַוועקוואַרפֿן, ווײַל זיי זײַנען זויער.
2. אָנכאַפּן מיט די ציין. “זע ווי דער הונט
בײַסט אָן דעם שטעקן און טראָגט אים אַרויס
פֿון וואַסער“. „אַ ראַנט־רעדעלע אויף אָנצובײַסן
ציינדלעך אַרום דעם ראַנט“, ע. איזראַ, שיך און
קאַלאָשן, קיִעוו 1928. 3. דזוו אָפּבײַסן. „די
מעוברת זאָל הושענא־רבה אָ, דעם פּיטום פֿון אַן
אתרוג“, יהודה יודל ראָזענבערג (טאַרלער רבי),
סגולות ורפֿואות 4 .I פֿיג. פֿאַרכאַפּן,
צו.
נעמען בגוואַלד. “נישט ווײַל ענגלאַנד קאָן דאָ
אָ', נאָר ווײַל ער גופֿא [סוקאַרנאָ] וואָלט געוועזן
אַ בעלן אויף אַ שטיק טעריטאָריע“, בצג, טמז,
.l3 I 19▯5
5. עסן אָנבײַסן, ← דפֿוו. עפּעס עסן. טועם
זײַן, דערקוויקן, דערכאַפּן דאָס האַרץ. “ולא —
און, ניט זיא זולן אַן בײַשׂן אודר צו ברעכן,
דאז מיינט דיא ערשט סעודה אבֿילות זול ניט
גיהאַלטן ווערדן בײַא אינען“, שעריר, טז, ז.

"קיינר אָן בײַסן און זאָלן נאָך איבּר נאַכט פֿאַשׂטן", מהמ, 1722. "דרײַ גרויסע אָקסןסוחרים זענען געפֿאָרן פֿון דעם מאַרק... זענען ז אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ פֿעלד־קרעטשמע...
".
און האָבּן דאָרטן אָנגעבּיסן", נסים ונפֿלאות,
אָרט? יאָר? קהל דאַרף [= מעג] אָ, = ס'
אומגליק איז ניט גרויס, איז פֿאַרבּײַ, מע מעג זיך נעמען צו געוויינטלעכע געשעפֿטן, טענדלאַו, 1035. "ער זאָל מדקדק זײַן אָנצובײַסן [נאָכן
תעני] מיט פּת ישׂראל,,, קה, תּרל"ה. ,,ווען דער ערשטער יאָרצײַט געפֿאַלט אום פֿרײַטאָג, זאָל ער דאַווענען מנחה נאָך זייגער צוועלף און זאָל אָ"", חא, נד/ב. "איך טו אַ קוק אויף די שטערן און דערמאָן מיר שוין צײַט אָנצובײַסן", ממוס פּישקע. ,,אפֿשר אַ ישיבֿה־בּחור
,
חאָט דעם טאָג נישט אַנגעבּיסן?,,, אַר, 'אַ האָר פֿון בּאָרד'.
6. פֿרעסן. מס, משלי תקע,,ד, ד, 17
פֿאַרטײַטשט 'כי לחמו לחם רשע ויין חמסים ישתו': "זיי בּײַסן אָן הולטײַסקע בּרויט און טרינקען גזילה־ווײַן דערצו". ־עכץ. ־עניש.
אָנבּייען — טרוו. בּײַע אָן, ~געבּײַעט. פּר.

--

אָנדערציילן פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות. „וואָס ער האָט אָנגעבײַעט מעשׂיות... פֿון זײַנע קרענקלעכע פֿאַנטאַזיעס“, י. קייטעלמאַן, פֿאָר, 1963 י21 I.

אָנבייצן — טרוו. בייץ אָן, ~געבייצט. אַ ביסל אויסשמירן, מיט בייץ, מיט ערשטער ברוינלעכער פֿאַרב. אָ, די ברעטער.

אָנבייקערן

אָנבייקערן — ← אָנבויקערן.

אָנבילן — אוטוו. ביל אָן, ~געבילט (אויך: ,געבולן). 1. אָנהאַווקען. אָ, אויף די דורכגייערס. דער הונט בילט אָן אויף דער לבֿנה און קריכט אַרײַן צוריק אין זײַן בודע. אַרכ אויך טרוו — „[אַ גנבֿ האָט געוואָלט אײַנשטילן אַ כּלבֿ] דאז ער אין ניט זאָלט אַן בילן„, ספֿר משליס פֿפֿדמ 1686. 2 פֿיג. אָנשרײַען, אָנ, .

זידלען. אָנרעדן רכילות. אָ, אויף די אַרבעטער ווי אַ כּלבֿ. ‟מיר האָבן גענוג שׂונאים. קען זיך נאָך איינער געפֿינען און אָ'„, יע)ראָל אָרנשטיין,

רעיונות י▯ראל, אַס 1893. מיט ז י ך —
י
בּילן און אויפֿהערן. בּילן אַ סך. ״דער מנוּוול
ווי ער האָט זיך אָנגעבּילט אויף מיר״. ,,אַפֿילו
די אַטקע־הינט וואָס האָבּן זיך גענוג
אָנגעי
בּילט״, שע, פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער. ,,
געשרייען: — אַראָפּ! אַראָפּ! גענוג זיך
אָנגעבּולן״, ש. בּרעגמאַן, אַפֿן מיזרעכ איז
אומרואיק, מאָסקווע 1934.
אָנבּימבּלען — דזוו אויסבּימבּלען ←, 152.
אָנבּינדן — טרוו. בּינד אָן, ~געבּונדן. פּר
אויך: ~בּינען. 1. צובּינדן. אָנטשעפּען,
צוהעפֿטן איין זאַך מיט אַן אַנדערער דורך אַ
שנור, שטריק, דראָט אע. ,,אַ יאָר איז אָן קיין
שטעקן ניט אָנגעבּונדן״, שוו פֿון אים [משיחן]
▯ ,,
גיזאגט ווערט דז ער ווערט אַן בּינדן אַן איין
ווײַן שטאָק זײַן יונגי פֿולן״ [= 'פֿאָלן, =
לאָשיקל, תּי ▯ ,,יונגאייזל,,], מחזור שלש רגלים,
אַמשט 1713 [בּײַם פֿאַרטײַטשן פֿון בּראשית,
מט, 11: ,בּני אתנו']. ,,די הייבּין... האָט
אָנגעבּונדן אָן האַנט אַ רויטן פֿאָדעם״, תּי, בּראשית,

לח, 28. „דער מלמד... האָט אָנגעבונדן אַ לאַנג שנירל אָן דעם בײַטעלע פֿון די רענדלעך„, נסים ונפֿלאות, אָרט? יאָר? „דער נר־תּמיד איז אָנגעבונדן אויף שנירלעך פֿאַרן עמוד־הקודש„, אַש, תּהילים־ייִד.

2. פֿעסט פֿאַרבינדן. פֿאַרקניפּן שטאַרק. „אַז דו ביסט משוגע — לאָז דיך אָ,“, שוו. אָ, פֿאַר די הענט = לאָזן הענגען פֿאַר די הענט, ווי אַ שטראָף. „האָט זי הקבֿ„ה אַן גיבונדין מיט אײַזרנר קייטן“, נצ1. „האָט דער פּאַטראָן געהייסן אים אָ, אָן דער מאַסטבוים און גוט אויסשמײַסן“, אמד, דער ברטנורה, ווילנע 1877. „מע האָט זיי אָנגעבונדן בײַ די ווײדלען פֿון די פֿערד און מע האָט זיי געטאָן גרויסע יסורים„, מע׳ה ירושליס, וואַרשע 1889. „האָט איין זײַל אַן גבונדן אונטן אַן דעם קאַרעלן בוים, אונ, דעם אַנדרן ענד פֿון דעם זײַל אַן דעם זעגיל בוים...“, ר, אליקים חזן מק“ק קאמרנא איבז, שי, אַמשט 1770.

3. אַרומוויקלען. „ער איז גריטן אויף איין ליב אונ, האָט איין שלנג אויף זײַן קאָפּ אַן גיבונדין“, סהמ, דניאל, ד, 8.

4. אָנטאָן דורך בינדן. „זי טאָר ניט אויסגיין מיט דעם בלעך וואָס זי בינדט אָן אויף

דעם שטערן,,, איבֿז, תּיקוני שבּת, אוסטרהא
1818. "מ'זאָל אָ, תּפֿילין של יד אויף די לינקע
האַנט, מ'זאָל אָ, תּפֿילין של ראָש אויף דעם

1437

קאָפּ,,, תּרגימ,,א, לאָדז, יאָר? ,,בּשעת די
בּניישׂראל האָבּן מקדים געווען 'נעשׂה, פֿאַר
'נשמע'. האָבּן מלאכי־השבּת אָנגעבּונדן יעדן
ייִד צוויי קרוינען, איינע — כּנגד ,נעשׂה', און
איינע כּנגד 'נשמע,", איבֿז, שבּת, פּח/א. *אָ,
עמעצן קרוינען = שטאַרק רימען, אויסלויבּן
בּיז גאָר. *אָ, אַ קאָקאַרדע = א) דערהייבּן צו
אַן אַמט; בּ) מאַכן פֿאַר אַ קנאַקער.

5. (ווידער) אײַנשטעלן. אײַנהאַלטן. אויפֿסנײַ
אָ, אונטערהאַנדלונגען. אָ, קאָנטאַקטן. ,,אינדיע
האָט נאָך בּיז איצט ניט אָנגעבּונדן מיט
ירושלים קיין נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע
בּאַציאונגען,,, טמז, 14 l964 XI. אָ, אַ ש מ ו ע ס —
,,איינמאָל האָט ער נאָך געפּרוּווט אָנצובּינדן אַ
שמועס וועגן דער וואוינונג", עוזר
וואַרשאַװסקי, כּאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924.

6. צוטשעפּען. אָנהענגען. פֿאַרוויקלען עמעצן
אין אַ קאָמפּליקאַציע. אָ, אַ דיעלע, אַ ספּראַווע.

אָ, אַן אינטריגע. *אָ, אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז = אַרײַנפֿירן עמעצן אין אַ שלעכט געשעפֿט.

7. אַרויפֿדריקן. אַרויפֿצווינגען. מאַכן מע זאָל עפּעס איבערנעמען. אָ, אַ נײַעם גלויבן. „דער געדאַנק, וואָס ער באַמיט זיך אָ, די לייענער מיט דער הילף פֿון גראָטעסק,„ א. דאַמעמעק, שטערן, מינסק 1932, No 10־11. "יעדער פּעדאַגאָגישע דרעסירונג איז ווי מיר האָבן געזען אַ פּראָצעס פֿון אָ, באַדינגטע רעפֿלעקסן,„ א. גאָלאָמב, גש II, מעקסיקע 1946.

מיט ז י ך — אויך: דערקוטשען, טשעפּען זיך; אָנזעצן זיך. „וואָס האָסטו זיך אָנגעבונדן אין דעם קינד?", נאַד. אָ, זיך יענעם. *זיך אָ, אָן אַ גרויסער שיף = צושטיין צו אַ שטאַרקער גרופּע, ווערן אַ געהילף בײַ אַ גרויסן מענטשן.

־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָנבינטלען — טרוו ־טל אָן, ~געבינטלט.

.

אײַנטיילן אין בינטלעך און צונויפֿבינדן, אַרומוויקלען זיי. אָ, ציבעלעס, מערן אע.

אָנביקעווען — ־קעווע אָן, ~געביקעוועט.

< ביק = אָקס. אוטוו — אָנהאָרעווען ווי אַן

אָקס. אָ, פֿון סאַמע באַגינען ביז שפּעט אין
אָונט. טרוו — אָנקלײַבן אַ פֿאַרמעגן דורך
שווערער אַרבעט. אָ, אַן אַפּותּיקי. אָ, אַ פֿעט
באַנקכּיכל. מיט ז י ך.
אָנבירבענען (זיך) — אוטוו. ־בּע (זיך) אָן,
(זיך) □ י.,געבירבעט. i□birb:□ □ □ < .
אָנוויינען (זיך), פּעיאָ. גענוג זיך אָנגעבירבעט.

--

אָנבכבודיק — [... בעקאָ'ווערדיק] אַדי. דזוו
אומבּכּבֿודיק (← 538). אַן אָ'ע האַלטונג.
־יקייט.
אָנבכיוונדיק — [... בעקי'וונדיק] אַדי. אָן
כּוונה. אומגערן. ניט ווילנדיק. בשוגג. „אָ, האָט
ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט און האָט
אים פּוגע בכּבֿוד געווען“.
אָנבכיהן — [... בעכיען] אוטוו & טרוו. בכיה
אָן, ~געבכיהט. אָנוויינען. „דער חזן האָט
אָנגעבכיהט, ווײַל ער קען ניט זינגען“. אָ, דאָס

אָנבלאָזן זיך

דאַוונען. אָ, דעם קאָפּ. אויך מיט ז י ך —

זיך אָ, איבער אַ קלייניקייט.
אָנבלאָז — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנבלאָזן. אָ, פֿון באַלאָן.
אָנבלאָזן — טרוו & אוטוו. בלאָז אָן, ~
געבלאָזן. 1. בלאָזן אַ סך. דער שמיד האָט אַ
גאַנצן טאָג געהאַלטן אין אָ, (מיט) דעם
בלאָזזאַק. 2. אָנהייבן בלאָזן. „אין הערבסט, ווען
די בלעטער פֿאַלן און ווינטן בלאָזן אָן פֿון די
בערג“, באַש פֿאָר, 23 IX 1966. אין מיי *ניט
,
קענען אָ, = ניט קענען אָנהייבן בלאָזן
שופֿר = ניט וויסן אַפֿילו ווי אָנצוהייבן
עפּעס צו טאָן, טענדלאו, 172. [פֿרגל ב9.]
3. צונויפֿבלאָזן (און אָנהויפֿן). דער ווינט
בלאָזט אָן גאַנצע בערג שניי. דער
האַרבסטיקער ווינט בלאָזט אָן גאַנצע קופּעס מיט
אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער.
4. אַרײַנבלאָזן, אָנפֿילן מיט לופֿט, מיט גאַז.
אָ, אַ באַלאָן. אָ, אַ פֿילקע. אָ, אַ גומענע ראָד.
„בלאָזט אים [דעם פּענכער] אָן, ווערט ער
באַלד אויסגעצויגן אין אַלע זײַטן, קײַלעכדיק“,
חי„ה זעלדעס, ווינטער אַבענדען, וואַרשע תּרנ“ח.
5. אויפֿבלאָזן און דערפֿירן צו אַן
אויסגעבוֹלטער פֿאַרקײַלעכטער פֿאָרעם. דער ווינט

בלאָזט אָן די זעגלען.

6. (בײַם אַרויסאָטעמען) בולטער, קײַלעכדיקער מאַכן. אָ, די באַקן און זיי דערנאָך אַ דריק טאָן, עס זאָל זיך הערן אַ קנאַק. אָ, דאָס פּנים. "בלאָזט אָן די ליפּן און פּלײַסט זיך אײַנצוהאַלטן אַן ערנסט־שטרענגן אויסזען", חג, טמז, 10 7 19 XI.

7. פּיג. אָנטראָגן, אָנבּרענגען. אָ, אַ נײַע ריכטונג. אָ, ספּקות. "די אַלטע ווינטן האָבן גענומען אָ, אַן אומהיימלעכקייט". 8. בולטער מאַכן. אַרויסווײַזן, אַרויסשטעלן. אָ, די באַקן, דעם בויך. "די מחבּרים מיט זייערע פּוסטע ספֿרים, איטלעכער בלאָזט אָן זײַן נאַרישן 'איך בין'", אלצ, קליין וועלטל, 1896. 9. שלעכט אויסשפּילן אויף אַ בלאָז־אינסטרומענט. אָ, אַ מאַרש. 1O. אָנרעדן, אָנפּלאַפּלען. אָ, נאַרישקייטן. אָ, (אין) אַן א ו י ע ר.

11. וואוילינגעריש. מאַכן שוואַנגער (אָן חופּה וקדושין). 12. אָפּנאַרן. אָנפּײַפֿן. אָ, אַ יאָלד. 13. (קצבֿיש) טרייסלען, אַרומוואַרפֿן. "אַ קעלבל אָדער אַ שעפּס בלאָזט מען אָן כּדי די פֿעל זאָל אָפּשטיין פֿון פֿלייש און עס זאָל זײַן גרינגער צו שינדן". 14. אוטוו. בּ3 פֿון אָביעקט ווערט אַ סוביעקט. דער ←

שניי בּלאָזט אָן, די בּלעטער בּלאָזן אָן. „על־פּי רובֿ בּלאָזט אָן שניי אויף אַ נידעריק אָרט“, רבֿ אחד, די וואַרהייט, פּאָשאַני 1918.
אָנבּלאָזן זיך — ← דפֿוו. 1. אָן אַרײַנמיש פֿון דירעקטער אַרבּעט ווערן אויפֿגעבּלאָזן. אַ זעגל בּלאָזט זיך אָן פֿון ווינט. 2. זיך אויסשפּרייטן. קריגן אַ מער קײַלעכדיקע פֿאָרעם. די בּאַקן בּלאָזן זיך אָן. דער לײַלעך בּלאָזט זיך אָן אין ווינט. דער אינדיק בּלאָזט זיך אָן בּײַם האָלדערן. „דאָס יונגע פּנים איז

אָנבּלאָטיקן

געוואָרן קײַלעכיק, די בּעקלעך האָבּן זיך אָנגעבּלאָזן„, שע, פֿון פּסח בּיז פּסח.
3. אַרויסווײַזן גרויסהאַלטערײַ. זיך אָ, אין זכות פֿון אַ זיידן. זיך אָ, ווי אַן אינדיק, אַ פּריץ, אַ גאַנצער קנאַקער, ווי אַ רײַכער מחותּן אויף אַן אָרעמער חתונה, ווי דער גבּאי ראשון, ווי אַ פֿאַרריסענער נאַר. “דער עושר בּלאָזט זיך אָן און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלן“, שוו. “אַלע זײַנען שלוחים למקום. דער דאָקטער וועט אײַך דאָס נישט מודה זײַן. ער מוז זיך אָ'“,

פּרץ, חסידיש. „גדלות דאַרף אַ מענטש האָבּן, אָבּער ניט קיין נאַרישע גדלות... אָדער אַזוי ווי אַן אינדיק בּלאָזט זיך אָן“, יהודא האַזאַנאָוויטש, קורץ און שאַרף, קעשענעוו 1888.

„בּלאָזט זי זיך אָן און בּלאָזט פֿון זיך ווי עפּעס רעכטס, אַזוי ווי זי זאָל זײַן דעם פֿויזנער רבֿס אַ לײַכלעך אייניקל“, ד. י. זילבּערבּוש, שטרעכאַלעך... □ ווין 1916.

4. אַרויסווײַזן אומצופֿרידנקייט פֿאַראיבּל

,

אע. „נעמט אַ הונט אין דרויסן בּילן, בּלאָזט זיך אָן דאָס קעצל בּייז“, סעג, לירישע לידער, קיִעוו 1919. „[ער] האָט זיך ווי אָנגעבּלאָזן און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ“, גרינ, איד און וועלט.

־ונג. ־עכ□ן. ־עניש — „צוכאַפּנדיק זיך צו דער געשמאַקער, זאַפֿטיקער, גרינער פּאַשע, קען דער בּעל־חי קראַנק ווערן אויף מאָגן־אָ'“, איבּז, ק. טורין, וואָס דאַרף אַ פּאַסטעך וויסן.., פּאָלטאַווע 1932. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָנבּלאָטיקן — טרוו ־יק אָן, □ .„געבּלאָטיקט.

.

מאַכן בּלאָטיק, אָנקויטיקן, אָנשמוצן,

אָנבּרודיקן. אָ, די פּאָדלאָגע.
אָנבּלאַטעווען — ־טעווע אָן, ~געבּלאַטעוועט.
טרוו — 1. אָפּנאַרן עמעצן. 2. סאָוו.
אַרויסקריגן עפּעס דורך בּאַקאַנטשאַפֿט פֿאַרבּינדונג,
,
פֿרײַנדשאַפֿט. אָ אַ פֿונט פֿוטער. אָ אַ שטובּ
, ,

-

פֿון כּל־טובֿ. אוטוו — אַ סך כּלאַטעווען,
זשוליקן, שווינדלען. אָ, אין די אַלע יאָרן אין
דער גרויסער שטאָט. אויך מיט ז י ך.
אָנבּלאָמבּירן, ~פּלאָמבּירן — טרוו ־בּיר
אָן, ~(גע)בּלאָמבּירט, ־פּלאָמבּירט. 1.
אַרויפֿלייגן אַ בּלאָמבּע (פּלאָמבּע). אָ, אַלע קעסטלעך
סחורה. 2. בּלאָמבּירן אַ צאָן. אָ, די קראַנקע
ציינער. ־ונג.
אָנבּלאָנדז(ש)ען (זיך) — אוטוו.
בּלאָנדז(ש)ע (זיך) אָן, (זיך) ~געבּלאָנדז(ש)עט. פּ
־דען, ־דיען, ־דזיען. 1 . :i(1 b1. (אָן

זיך) אָנקומען ערגעץ אָן אַ כּוונה. „דער
פֿרעמדער האָט אָנגעבלאָנדזשעט אַהער און איז שוין
גערבליבּן צווישן אונדז“. 2. אַ סך בּלאָנדזשען.
אָ, אין וואַלד גאַנצע צוויי מעת־לעת. 3.
אַרומוואַנדערן. אַרומוואָגלען אַ לענגערע צײַט. אָ,
אין אַזוי פֿיל לענדער און ניט געפֿינען קיין
מקום־מנוחה. 4. זײַן זוכעריש און ניט קענען
פֿעסט און אויף אַ לענגערער צײַט זיך האַלטן
בּײַ אַן אידייע, בּײַ אַ שיטה אע. אָ, איבּער
י י
פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען, איבּער פֿאַרשיידענע
איזמען. ־עניש.

1433

אָנבּלאָנקען (זיך) — אוטוו ־קע (זיך) אָן,

(זיך) ~געבּלאָנקעט. דזוו דפֿוו.
אָנבּלאַסן — דזוו אויסבּלאַסן ←, 153.
אָנבּלאָען — ← אָנבּלויען.
אָנבּלאָפֿן — אוטוו & טרוו. בּלאָף אָן, ~
געבּלאָפֿט. blu]ו: >. פֿון אַמ אַריבּער אין
כּלל־שפּראַך. בּלאָפֿן און דערגרייכן דעם ציל.
אָפּנאַרן אין אַ סך פֿאַלן אָדער אַ צאָל מענטשן.

מגזם זײַן, ליגנערן. אָ, וועגן גרויסע גליקן. אָ,
אַפּילו די פֿרײַנד. אָ, בײַם שפּילן פּאָקער. „האָט
ער אָבער אַזוי פֿיל אָנגעבלאָפֿט מעשׂיות...
וועגן דער שיף און וואָס ער האָט זיך דאָרט
אָנגעזען און אָנגעהערט“, גרשס באַדער,
יודישער פֿאָלקסקאַלענדאַר תּרע“ב, לעמבערג.
אַנבלאָ'ק — אַדוו. < איי < פּר. אינגאַנצן.
לויט דער פֿולער רשימה. אָפּשטימען אַ, די
גאַנצע רשימה קאַנדידאַטן. אָננעמען אַ אַלע

,

פֿאָרגעלייגטע רעזאָלוציעס.
אָנבלוטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן בלוט,
אָן פֿאַרלירן אַ סך בלוט. אַן אָ'ע אָפּעראַציע.
 יג. וואָס האָט ניט אין זיך גענוג לעבן, גענוג
אינהאַלט. אָ'ע פֿערזן פֿראַזעס אע. “פּועה איז

,

אַ קליינע אויסגעלאָשענע יידינקע מיט פֿולע
אָ'ע בעקעלעך און שוואַרצע אויסגעלאָשענע
אויגן“, ידידיה מאַרגאָליס, סאָכרים, מאָסקווע
.1932
אָנבלוטיקן — טרוו ־יק אָן, ~געבלוטיקט.

.

1 פֿאַרבלוטיקן. איבערלאָזן בלוטפֿלעקן אויף

.

אַ צאָל ערטער. צעשנײַדן זיך אַ פֿינגער און אָ,
דעם טישטעך. אָ, די (אויף דער) פֿאָדלאָגע.
2. דערגרייכן עפּעס דורך רציחה, גזילה, גניבֿה,
ממש דורך פֿאַרגיסן בלוט. „זײַן פֿאַרמעגן איז
ניט אָנגעאַרבעט, ס'איז אָנגעבלוטיקט“.

אָנבלויען — טרוו. בלוי אָן, ‏ י.,געבלויט. פּפּ:
~בלאָען, לד, ~בלאָוון, ~בלוען, אוקר.
1. מאַכן אַ ביסל בלוי. אָ, וועש מיט סינקע.
אָ, וואַסער. 2. אָנשמירן מיט אַ בלויער
פֿארב. א, די וועגט ־עכץ —עניש.
— . .

אָנבלומיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
בלום אָדער אָן בלומען. אָ'ע געוויקסן. “קיין
שוועמלעך בליִען ניט, דאָס איז אָ'ע געוויקסן“,
י. בורט אַנסקי, דאָס געוויקס, קיִעוו 1929.

בלומענדיק — וואָס איז אָן בלומען. “אַ
מאָדנער גאָרטן, אַן אָ'ער“.
אָנבל אַכען זיך — אוטוו. ־כע זיך אָן, זיך
י
~געבליאַכעט. זיך אָנשיכּורן אָן אַ מאָס.
אָ, זיך ווי אַן אייזל (אַ חמור, אַ חזיר).
אָנבל אַסקען — דזוו אײַנבל אַסקען, טרוו,

י   י

..

אָנבּלייכן — דזוו אויסבּלייכן, טרוו ←, אַלע בּבֿ, 154.

אָנבּלען — בּלי אָן, ~געבּליט. אוטוו — אָנהייבּן בּליִען. "בּעז האָט שוין אָנגעבּליט". טרוו — מאַכן עס זאָל בּליִען. "אַ טאָג וואָס האָט אַ בּלענד געטאָן... און אָנגעבּליט רחמנותדיקע שײַן אויף בּלינדע שײַבּלעך", סוצ, עסטונג.

אָנבּליקן

אָנבּליצן — אוטוו. בּליץ אָן, ~געבּליצט. געוויינלעך אומפּ אָדער דריטפּערזאָניק. 1. אַ סך בּליצן. „וויפֿל עס האָט אָנגעבּליצט און אָנגעדונערט אין דעם נעכטיקן פֿאַרנאַכט!". 2. אויך טרוו. אַרויסזאָגן, אַרויסבּרענגען געדאַנקען אויף אַ בּליציקן (שײנעם, שאַרפֿן, אומגעריכטן) אופֿן. אָ, פֿאַרן עולם (מיט) אַ אָריזמען.

אָנבּליק — דער, ־ן. 1־blic d: an. M.

אויסזען, מראה, געשטאַלט, פּנים. דער אייגענער

אָ, וואָס בײַם טאַטן. „דער מענטש זעט נאָכן
אָ', אָבער גאָט זעט נאָכן האַרצן“, תּי, שמואל
א, טז, 7. „ס'דוכט זיך, אַז מענטשן פֿון פֿרעמו.ע
לענדער האָבן אַלע איין אָ'„, בעמ I. „מיר
בינסטו אויפֿן אָ, געפֿעלן“, ממוס, ווינטשפֿ.
“דער נײַער בעל־דרשער כאַפּט דעם אָ, פֿון
אַ גנבֿ„, מ. דלוגאַטש, די וועלט מסורה, 1881.
“כאַפּט דעם אָ, פֿון אַן אָבערקעלנער אין אַ
גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן“, שע, בלאָנדזענדע
שטערן II. „.... די לבֿנה, ווי בלייך איז איר
אָ', ווי קאַלט איז איר שײַן„, פּרו II. שפּאַסיק
וועגן אַ פֿאַראומערט אויסזען: „זע נאָר סאַראַ
'אומגליק, ער האָט“.

2. דאָס וואָס מע דערזעט; וואָס מע קען
אָנבליקן. אויסבליק. פּאַנאָראַמע. “ס'איז
אויסגעשפּרייט אַ טונקל־בלויער פֿאָרהאַנג מיט אַ
זילבערנער לבֿנה אין דער מיט און
בריליאַנטענע שטערן, וואָס נעמט זיך אויס אויפֿן אָ,
ווי אַ שיינע זומערנאַכט“, ממוס, 'גילגולים'.
“און ער [דער היישעריק] וועט פֿאַרדעקן דעם
אָ, פֿון דער ערד“, תּי, שמות, י, 5. „סײַ בײַם
גבֿיר, סײַ בײַם מיטל בעל־בית מוזן שטיין
די פֿאַרצירונגען אויף דעם ערשטן אָ'“, קמ,
19 1869, No. אין אָ, פֿון... — ווען מע

דערזעט, מע נעמט אין באַטראַכט. אין אָ,
פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. „אין אָ,
בֿון דער... טראַגעדיע וועלכע עס לעבט דורך
דאָס ייִדישע פֿאָלק אין פּוילן“, ע. רינגעלבלום,
כת־ימ פֿון געטאָ II.
3. אַקט פֿון אָנבליקן פֿון דערזען. אַ
האַס,
טיקער אָ'. „האבין אין ערשטן אַן בליק אונש
יחדיו צווארין מיט פֿריידין טרערין בינעצט“,
גה, 214. “אַנטקעגן איז אים געקומען אַ שמייכל
פֿון פֿרײַנדלעכן אָ'“, י־)ראָל קאַפּלאַן, שליאַך
און אומוועג. „בײַם אָ, פֿון דעם בוך, בעת איך
האָב אַ קוק געטאָן אויף זײַנע געלע
בלעטער...“, יונה טרובניק איבז, אסתּר המלכּה,
באַרדיטשעוו 1888. „זײַן אויג פֿאַרכמורעט
זיך בײַם אָ, פֿון קלענסטן פֿלעק“, ד. י.
זילבערבוש, סקיצען, ווין 1921.
4. סטרוקטור, געשטעל. „פֿון אָ, [פֿון די
הײַזער] און פֿון זייער שטיין זעט אויס ווי זיי
זײַנען איינער מיט דעם אַנדערן עפּעס ניט
שווה־בשווה“, ממוס, מסעות. 5. וויזיע. „ער
פֿאַרטונקלט די אויגן פֿון דעם נפֿש פֿון צו זען
געטלעכע אָ'ן אַזוי ווי די אָבֿות און ענלעכע

צו זיי“, תּניא, 2□2.
אָנבּליקן — טרוו. בּליק אָן, □י.,,געבּליקט.
דערזען, אָנקוקן שאַרף, מיט אויפֿמערק

באַאָנבּלישטשען

טראַכטן. אָבּסערווירן. אָ, ווי דער □לאך־המות
(מיט זײַנע טויזנט אויגן). ,,ווי גר ליפּליך זי
אין אַן פֿליקט, זי זו אין אַן הינטן אונ, ואָרן,,,
בּבא־בּוך, 107. ,,... אַלזו זאָל מאַן טון איינם
איטליכן מאַן דער דא... אַן בּליקט דיא
היימליכקייט, אונ די סודות דעשׂ קיניגשׂ,,, יוסיפֿון,
אַמשט 1661. ,,אַדעליע קומט אַליין אַהיים, די
אָלטע זינדערין בּליקט זי מיט גרויס גיפֿט און
צאָרן אָן“, א. בּ. רוף, אַדעליע־ראָזע, וואַרשע
1865. “צוּוואָס זאָל נאָך אַן אומשולדיקעס קינד
דיזע פֿינצטערע וועלט אָ'?“, ד. עדעלשטאַט,
שריפֿטן, לאָנדאָן 1909. ,,זי האָט פֿאַרשטאַנען
וואָס ער מיינט, האָט אים אָנגעבּליקט מיט
יענעם... בּליק הינטער וועלכן די פֿרויען
פֿאַרבּאָרגן אַזוי פֿיל סודות“, ל. קאָבּרין איבּז,
מאָפֿאַסאַן II, נ״י 1914. אויך פֿיג. ,,געקומען
איז דער שמערץ אַכזריותדיק און האָט מיך

ווי זײַן קרבן אָנגעבליקט‟, יהואָש, 'דעם לעבנס בשׂמים'. מיט ז י ך — קזוו. זיך אָ, און זיך צעשיידן.

אָנבלישטשען — ־שטשע אָן, ..,געבלישטשעט. אוטוו — בלישטשען אַ סך. ,,וויפֿל זי האָט אָנגעבלישטשעט מיט אירע בריליאַנטן‟. טרוו — גוט אָנרייניקן, אָנשײַערן. אָנרײַבן עס זאָל גלאַנצן, בלישטשען. אָ, די שטיוול, זיי זאָלן קנאַקן. אָ, דעם סאַמאָוואַר ער זאָל פֿינקלען, פֿאַרשײַנען די שטוב.

אָנבלעזלען — דזוו אויפֿבלעזלען ←, 400. אויך מיט ז י ך.

אָנבלעטערדיק — אַדי. וואָס איז אָן בלעטער. ,,די פֿייגל האָבן פֿאַרלאָזט די נעסטן אויף די אָ'ע צווײַגן,,, מענדל מאַן, אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף. ‟שטייט אַ פֿײַגנבוים בײַם ווײַסן שליאַך אָ', מיט צווײַגן — טרוקן טאָג ביז נאַכט,,, א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט. ,,דורכן פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט אַ נאַקעטער, אָ'ער דער ווײַנשל־גאָרטן,,, ע. גאָרדאָן, אינגול באָיאַר, מאָסקווע 1935.

אָנבלעטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געבלעטערט. 1. אָנשיטן, אָנוואַרפֿן בלעטער. אָ, בײַם שוועל, אָפּצווישן, אָפּצורייניקן די שיך. אָ, די

סטעזשקע, דאָס שטעגל. דער ווינט בלעטערט אָן
גאַנצע קופּעס. 2. באַדעקן מיט בלעטער.
אַרײַנגעבן בלעטער. אָ אַ גרובֿ פֿאַר אַ
פּאַסט, —

קע, פֿולאַפֿקע. אָ, דעם סלאָי פֿו‎ די
מאַרינירטע פֿיש. 3. אָנוועלגערן, אויסוועלגערן
(דינע) בלעטער טייג. אָ, בלעטלעך טייג אויף
אַ שטרודל, אויף קרעפּלעך.
אָנבלעכן — דזוו אויסבלעכן ←, 154.
אָנבלעקעכצן — טרוו. ־קעכץ אָן, ~
געבלעקעכצט. פּפֿ: ~בלעקערצן, לד. 1. פּעיאָ.
אַרויסזאָגן ניט־ייִדישע געבעטן. אָ, ווי אין אַ
תּיפֿלה. 2. פּר. אָנמייקע(נע)ן. אָ, ווי אין אַ
שענק.
אָנבלעקען — ־קע אָן, ~געבלעקעט. אוטוו
— אַ סך בלעקען. אָ, ווי אַ שעפּס. טרוו —
אַרויסזאָגן אומקלאָר, מיט קלאַנגען אַזוי ווי
בלע־בלע. „דאָס קינד האָט דאָ עפּעס

אָנגעבלע9

קעט, נאָר די מאַמע פֿאַרשטייט וואָס עס וויל„.
אויך דזוו דפֿוו. אויך מיט ז י ך ־עניש.

.

אָנבּעבּען — טרוו. ־בּע אָן, ~געבּעבּעט. אויך:
~בּעבּקען. 1. פּעיאָ, דזוו אָנבּאָלבּען ←.
"דער דוכּס האָט... עפּעס געבּעבּעט,
אָנגעבּעבּעט אַ פֿולע קאָפּ, אויסגעמישט קאַשע מיט
מאָן,,, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח'. ,,וואָס
זאָגסטו, וואָס זי האָט דאָ אָנגעבּעבּעט, דער
שטרויענער קאָזאַק?,,, ל. קוויטקאָ, ליאַמ און פּעטריק,
קיִעוו 1932. 2. אַ סך ועדן און אומקלאָר,
מיט מאַטערניש פֿאַרטשעפּען די צונג בּײַם

.

רעדן און אָ, עפּעס אַ מעשׂה, ני בּע, ני מע
ני קוקוריקו. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָנבּעזעמען — טרוו. ־זעם אָן, ~געבּעזעמט.
1. גוט אויסבּעזעמען, אָנשמײַסן מיט ריטלעך
(אין בּאָד אויפֿן פּאָל). אָ, די פּלייצע, עס זאָל
ווערן צונט▯ר־רויט. 2. אָנמוסרן. (אָפּ)
ענטפֿערן שאַרפֿזיניק. (פֿטמ: אָנרײַבּן אַ מאָרדע).
אָ, דעם חצוף. אָ, די אָפּאָזיציע, די קריטיקער.
אָנבּעט — דער, ־ן. 1. אונטערלייג,
אויסשפּרייט. דער פֿויער האָט אונטערגעלייגט
שטרוי, אַן אָ, פֿאַר די קי פֿרגל אויסבּעט

.

(← 154). 2. די. אַרכ. אַקט פֿון אָנבּעטן I.
,,ער גינג דען רעכטן וועג אַז קויניג דוד טעט.

מיט אַל זײַנם גיבֿערד און, מיט גרושׂר אַן
בּעט,,, מלכים־בּוך, סטראָפּֿע 1769.
אָנבּעטלען — טרוו. ־טל אָן, ~געבּעטלט.
1. אָנקלײַבּן (נדבֿות) דורך בּעטלען. אָ, שטיקער
חלה. אָ, אַ פֿולע טאָרבּע. 2. אָנקלײַבּן נדבֿות
פֿאַר אַ צדקה־זאַך דורך (אַן אומבּכּבֿודיק) בּעטן.
,,איר מיינט אַז איך האָבּ עס אָנגעקליבּן פֿאַרן
קאָמיטעט? איך האָבּ עס אָנגעבּעטלט,,.
אָנבּעטן 1 — טרוו. [לאַנגע ע אין פּד, אוקר]
בּעט אָן, ~געבּעטן. Mhd: an־b□te□.
1. שטאַרק בּעטן. אויסדריקן אויף אַן איידעלן
אופֿן אַ בּקשה, בּאַגער אע. אָ, דעם פּריץ, דעם
האַר אע, ער זאָל.... אָ, די בּעלי־בּתּים צו
געבּן צדקה. ,,מיך גיווערט אַל מול מײַן גוט
ווען איך אין בּיט אַן", שמואל־בּוך, סטראָפּֿע
1746. ,,[בּײַ] אַ סעודת־מצווה, אַ חבֿרה־
קדישאסעודה וכדומה האָט מען שוין אָנגעבּעטן ציפּען
[צו מאַכן וואַרעניקעס]", י. בּודזאָהן, מאָטקע
פּליך..., ווילנע 1927. ,,אַ מחבּר האָט בּײַ אונדז
אָנגעבּעטן איינעם ער זאָל קויפֿן זײַן ספֿר,,, י. ל.
יאָסעלאָוויץ, ספֿר תּוכחת מוסר.
2. צושטיין מיט אַ בּקשה, אײַנבּעטן. ,,[ער]
האָט זיי אָנגעבּעטן אַז זיי זאָלן זײַן עדות
און... זיי געלערנט ווי אַזוי צו רעדן,,, ש.

בּעקערמאַנן, דעך מאָרגען שטערן, אַדעס 1884.

□ און זי האָט אָנגעבּעטן דעם גראַף... אַז ער זאָל רודף זײַן אַלע יהודים עד חרמה„, יבּ״ץ בּערך, רבּי קאַשמאַן דער נעלם, ווילנע תּרנ״ו.

„ווי קומסטו, קינד מײַנס, צו שרײַבּערײַ? מסתּמא האָסטו אָנגעבּעטן שמואלן צי בּרוכן?“, דטש.

3. בּעטן אַ סך, אַ צאָל. אָ, צו קויפֿן מתּנות פֿאַר אַלע קינדער. „האָט [זי] אָנגעבּעטן אירע פֿרײַנדינעס, זיי זאָלן... געבּן צו לייזן„, מ. יודעלסאָהן, דער ממזר אַלס דאָקטאָר, ווילנע

□ אָנבּעל־הבּתע(ווע)ן (זיך)

4. בּעטן מער וויפֿל עס איז ווערט □ 1927.

אָ, צו בּיל געלט פֿאַר אַ בּילד פֿון אַן אומבּאַקאַנטן מאָלער.

5. תּפֿילה טאָן. דינען (ווי צו [אַ] גאָט). „אַלכּסנדר מוקדן... דא זאָגט ער צו זײַני קנעכטן זיא זאָלטן אים פֿר איין גאָט הלטן און, זאָלטן אין אַן בּיטן“, מבּ, מעשׂה קמא. „[אלדד הדני] שרײַבּט דשׂ עטליכי פֿון זיא [= די עשׂרת השבֿטים] דשׂ פֿײַאר אַן בּעטן, און, אירי שוועסטערשׂ פֿר ווײַבּר נעמן“, שאַר. „זאָל

דער מענש השי,,ת אַן בעטן דשׂ זײַן תּורה,
זײַן תּפֿילה, זײַני מצוות, זײַני מעשׂים טובֿים
זאָלן פֿר אין מיט גוטן ווילן אַן גינומן ווערן“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, פּפֿדמ תּמ“ה?
,,זעסט דאָך, אַז גאָט וויל איך זאָל נאָר ווערן
אַ סוחר... דאָס ווײַזט אויס, האָט שוין די
משפּחה דאָרט [אויפֿן עולם־האמת] אָנגעבעטן“,
בּ. שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.
6 פֿאַרבעטן (אַ צאָל). צו דער בר־מצווה
.
האָט מען אָנגעבעטן אַ סך געסט.
מיט ז י ך — זיך אָ, צו קומען צו גאַסט.
זיך אָ, בײַם נאַצי צו ראַטעווען דאָס קינד און
ניט פּועלן. זיך אָ, אַ גמילות־חסדל בײַ אַלע
באַקאַנטע ־עכץ ־עניש.
. .
אָנבעטן ll — טרוו. [קורצע ע אין אַלע דד]
בעט אָן, ◌.־,געבעט. ◌. אויסבעטן II, 155;
← אויפֿבעטן, 400. 1. מאַכן אַ געלעגער מיט
אַ סך בעטגעוואַנט. 2. צוגרייטן געלעגערס
פֿאַר אַ צאָל. אָ, פֿאַר אַלע אורחים. 3.
אַרומלייגן מיט קישעלעך. אָ, אַ היסבֿ־בעט. 4.
אָנוואַטעווען. אָ, די אַקסלען.
אָנבעטעכץ — דאָס, ־ער (־ן). אונטערלייג,

אויסשפּרייט. „אַנשטאָט אַ מאַטראַץ, זײַנען ייִדן אין געטאָ געלעגן אויף אַן אָ, פֿון שמאַטעס און לאַכעס“.

אָנבעטער — דער, ־ס. ווּנ ־ין, ־ס. ווער עס בעט אָן (←. אָנבעטן I). אָנהענגער, באַוואונדערער. „צו דײַני אַן בעטר גידענק מיט גידענקונג דר וואשׂר, דיא דא אוישׂ גיסן זיבּן טאָג פֿון סוכּות דיא אוישׂ גיסונג דר וואשׂר“, מחזור שלש רגלים חלק שני, אַמשט 1713. “אַ נײַעם סאָרט פֿון אָ, זאַמלט ז אַרום זיך“,

י

זשיט יI, נ„י 1912. „אַ רעליגיע וואָס ציילט בּיז 200 מיליאָן אָ'“, קמ, 49 1867, No. “פֿון דער זײַט דעשׂ באך כּוש ווערן מײַני ערנשׂטי אַן בּעטרשׂ“, אור לעת ערבֿ, לאָנדאָן תּק“פּ? ־יש — אַדי. מיט אָ'ער הכנעה.

אָנבּעכקען — טרוו ־קע אָן, י„געבּעכקעט.

אויך: ~בּעכען. שלאָגן עמעצן מיטן פּויסט אויף (אין) די פּלייצעס [ס'רובֿ ווען קינדער צעשלאָגן זיך]. „ער האָט אים אָנגעבּעכקעט ווי ס'בּאַדאַרף צו זײַן„ פּרגל אָנבּאָכן.

.

אָנבּעל־הבּתע(ווע)ן (זיך) — ←

אָנבּאַלעבּאַטעוּוען. ־ — נאַ דיר אָפּ די שליסלען [פֿון דער בּאַלעבּאַטישקייט]! — אַ דאַנק! וואָס איז? דו האָסט זיך שוין אָנגעבּעל־הבּתעט?", קמ, 1870 40, No.

אָנבּעל־מלאָכה(ווע)ן

אָנבּעל־מלאָכה(ווע)ן — [... בּאַלמעלאָכען] טרוו. ־כה(ווע) אָן, ~(גע)בּעל־מלאָכה(ווע)ט.

1. אָנאַרבּעטן, אָנמײַסטרעווען (עפּעס) ניט גערא̈טן, אויף אַ פֿאַרטאַטשנעם אופֿן. אָ, אַ קושעטקע זי זאָל זיך בּאַלד צעפֿאַלן. 2. דורך אומגעלומפּערטע מעשׂים, רייד דערפֿירן צו אַן אויפֿרודער, סיכסוך פֿאַרלעגנהייט אע. ,,דער

,

גרויסער לאַנד־חכם האָט עס אָנבּעל־מלאָכהט אַ פֿאַרדרייעניש, אַז מע וועט פֿון דעם קיינמאָל ניט אַרויסדרייען זיך,,.

אָנבּעלן — אוטוו. בּעל אָן, ~געבּעלט. >

פֿלע־

מיש: I־e1len ־ו. אין יִדיש פֿון האָלאַנד. נר אָנקלינגען דורכן טעלעפֿאָן. (אָנ)טעלעפֿאָנירן.

אָנבּעלעבּעטשען — טרוו ־טשע אָן, ~(גע)־

בּעלעבּעטשעט. 1. דזוו אָנבּאַלאַבּעטשען.
2. אָנשלאָגן מיט שוואַכע קלעפּ, ווי בּײַם קינדערשן שפּילן זיך.
אָנבּעלעמעטשען — דזוו אָנבּאַלאַבּעטשען ←, אָנבּעבּען ..
אָנבּעלקע(ווע)ן — טרוו ־קע(ווע) אָן, י.,, געבּעלקע(ווע)ט. אַרויפֿלייגן בּאַלקנס, בּעלקעס (בּײַם בּויען אַ הויז פֿון געהילץ). ״די ווענט שטייען שוין און מע האָט שוין אויך אָנגעבּעלקעט. אין אַ וואָך אַרום וועט מען אויפֿהענגען דעם קראַנץ״.
אָנבּענטשן — טרוו. בּענטש אָן, ~געבּענטשט.
1. בּענטשן אַ סך. אָ, געזונט, אַריכות־ימים ושנים, כל־טובֿ, אַלדאָס בּעסטע. ,,געגעסן ווייניק און אָנגעבּענטשט אַ סך,,. אָ אַ פֿולן קאָפּ
2. אָנדאַנקען, אָנווינטשן. ,,רבּונו־של־עולם, הלוואַי וואָס ער האָט מיר אָנגעבּענטשט זאָל עס טאַקע מקויים ווערן״. 3. איר. אָנדולן, פֿאַרדרייען, אָנפּלאַפּלען. ,,סאַראַ נודניק! ער האָט מיר אָנגעבּענטשט אַ פֿולן קאָפּ״. 4. אויך

אַנשטאָט אָ נ ש ע ל ט ן.   5. במקום־ווערבֿ
פֿאַר: אָפּנאַרן בײַם קויפֿן, איבערכיטרעווען,
דורכוואַרפֿן בײַם עקזאַמען, דערלאַנגען קלעפּ
אאַ.   מיט ז י ך — קעגנזײַטיק.   ־עכ ן.
־עניש.
אָנבענקען זיך — אוטוו. בענק זיך אָן, זיך
, געבענקט.   כסדר בענקען. זײַן דערשלאָגן
פֿון בענקעניש. אָ, זיך נאָך דער אַלטער היים.
אָ, זיך און חלילה קראַנק ווערן.
אָנבעצעוועו — טרוו ־צעווע אָן, י.,,
געבעצע.
וועט. פּר.   אָנפּעלצן. אָנטאָן אַ סך וואַרעמע
בגדים. אָ, די קינדער אין אַזאַ קעלט.   אויך
מיט ז י ך.
אָנבעקען — אוטוו & טרוו. ־קע אָן, ~
געבעקעט.   1. דורך אַרויסגעבן אומקלאָרע
קלאַנגען ענלעכע צו בע־בע עפּעס אויסדריקן. אָ, ווי
אַ קאַלב, קיינער זאָל גאָרניט פֿאַרשטיין.
2. דזוו אָנבעבען ←.   אויך מיט ז י ך.
־עניש.
אָנבערגלען — דזוו אָנבאַרגן (←), נאָר עס
זאָל ווערן (זיך באַקומען) אַזוי וו אַ קליין
י

בּערגל. אויך מיט ז י ך. “ס'איז בּאמת ניט
צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי ס'האָט זיך אַנגעבּערגלט
אַזוי פֿיל גאָלד און אומגאָלד“ פֿאַש, 15 X 1962.

,

()

־ונג — „ווײַזט מיט די אויגן די שאַרפֿע אָ,
פֿון איר בּוזעם“, י. אָקרוטני, איק, פּסח תּשכ„ד.
אָנבּערדיק — אַדי. 1. וואָס האָבּן ניט קיין
בּערד. אָ'ע ייִדן. 2. דזוו אָנבּאָרדיק.
אָנבּערדעווען — טרוו ־דעווע אָן, ~
געבּער.

דעוועט. 1 .< : be r(1o: o][6e.
אָנציִען, אָנלייגן אַ סך פֿעדעם אויף דער בּערדע,
דער קאַם פֿון וועבּשטול. 2. אָנפּעלצן. אָנטאָן,

,

אײַנוויקלען אין שווערע, וואַרעמע מלבּושים.
אָ, די קינדער זיי זאָלן זיך ניט קענען רירן
פֿון אָרט.
אָנבּערען — פּר. דזוו אָנבּאַרען.
אָנבּערשטלען — טרוו ־טל אָן, ,געבּער—

.

שטלט. 1. מיט אַ בּערשטל בּרענגען אין

אָרדענונג. אָ, די האָר. 2. דורכפֿירן יעדן מין
אַרבעט־פּראָצעס מיט אַ בערשטל. אָ, פֿלאַקס.
אויך מיט ז י ך.
אָנבערשטן — דזוו אָנבאַרשטן ←.
אָנבראָדזשע(נע)ן — ־דזשע אָן, ~
געבראָדזשעט. פּפֿ: □ ...,בראָדז(י)ען. אוטוו —
1. אַ סך בראָדזשען. אָ, דורך זומפּן. 2.
אָנקומען נאָכן (דורך) בראָדזשען. אָ, אַהער. טרוו —
אָנבערענגען, אָנטראָגן, אָנשמוצן טאָפּטשענדיק.
אָ, בלאָטע אין שטוב אַרײַן ־עניש.
.
אָנבראַזגע(נע)ן — אוטוו & טרוו ־גע אָן,
.
□ י־,געבראַזגעט. 1. אָנהאַקן, אָנשפּאַלטן מיט
אַ בראַזג, געהילך. אָ, (אין) די שויבן זיי זאָלן
זיך צעקרישלען אויף פּיצלעך. די קינדער אין
הויף בראַזגען אָן אַ (אין) קאָפּ אַז מע קען
משוגע ווערן. 2. אָנקלאַפּן. אָ, מיט די
קולאַקעס אין טיר און אַלעמען אויפֿוועקן. 3.
אָנשלאָגן, אָנממיתן, אָנהרגענען. אָנברעכן. אָ,
די ביינער, די זײַטן און מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע.
מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
אָנבראָטן — טרוו. בראָט אָן, ~געבראָטן.
1. (כּמעט) אָן וואַסער (מיט אָדער אָן אַ צוגאָב

פֿון פֿעטס) צוגרייטן אַ סך שפּײַז אָדער אַ צאָל
געריכטן (פֿלייש, פֿיש, עפּל, קאַרטאָפֿל אאַ)
בײַ, לעבּן אַן אָפֿן פֿײַער, אָדער בײַ בּרענענדיקע
קוילן, אָדער בײַ אָנגעגליטע דראָטן פֿון אַן
עלעקטרישן מכשיר. אָ, געגנדז און קאַטשקעס.
אָ, פֿלייש אויף בּיידע טעג יום־טובֿ. [סגולה
צו אויערן־ווייטיק:] "אָנצובּראָטן אַ ציבּעלע,
אויסצודריקן דעם זאַפֿט, אויסמישן מיט
מאַנדלאייל, אײַנצוטונקען אַ שטיקעלע וואַטע און
אַרײַנלייגן אין אויער", ס□ר מלאך רפֿאל,
פּשעמישל, יאָר? 2. אָנבּרוינען, אָפּבּרענען.
„די זון האָט אים אַזוי אָנגעבּראָטן אַז ער זעט
אויס ווי אַ ציגײַנער". 3. שטאַרק
אָנוואַרעמען, אָנהיצן, אָנבּרענען. „די זון האָט אַזוי
אָנגעבּראָטן דורכן טאָג... עס וואָלט שוין
געמעגט... אונטערפֿרישן אַ בּיסל אויף דער
שיינער דאַטשע", שע, זומער־לעבּן. אויך מיט
ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
אָנבּראָיען — טרוו. ־יע אָן, ~געבּראָיעט. פּפֿ:
~בּרויען, ~בּראָיענען. אוקר.:□ □ <
□]□ו□1 .(□[□o. דזוו אַנבּראָנעווען. 2. אָנטאָן
זבּיטקעס, אָפּטאָן שפּיצלעך. „אַ ייִנגל אַ ממזרוק

אָנבּראַקנ(י)ען

ווי ער האָט עס אָנגעבּראָיעט דעם רבּין,.. ,,ער
וועט זײַן אַרטיק, ער וועט גאָרנישט אָנבּרויען,,,
אַש. 3. אָנבּלאָפֿן. אָנפּלאַפּלען. אָנהעצז. אָ, אַ
גאַנצע מישענינע. ▯איך גלייבּ אים ניט קיין
וואָרט, ווײַל זײַן טבֿע איז אָנצובּראָיען“. אויך
מיט ז י ך. ־עניש.
אָנבּראָך — דער, ־ן. ← אָנבּרוך. אַקט פֿון
אָנבּרעכן. אָ, פֿון (אויפֿן) טאָג.
אָנבּראַמען — טרוו ־מע אָן, ~געבּראַמעט.
.
וורר. אָנלייגן אַ סך משׂא. אָ, דעם וואָגן, די
פֿערד זאָלן קוים קענען אַ ריר טאָן אים פֿון
אָרט.
אָנבּראָנ(ד)ז(יר)ן — טרוו. בּראָנ(ד)ז(יר) אָן,
~(גע)בּראָנ(ד)ז(יר)ט. 1. אַ בּיסל בּאַדעקן
מיט בּראָנ(ד)ז־פֿאַרבּ. 2. בּראָנ(ד)זירן אַ צאָל.
אָ, די לײַכטערס ־ונג.
.
אָנבּראַנדעווען — אוטוו. ־דעווע אָן, ~
געבּראַנדעוועט. 1. אַ סך אַרבּעטן, מיט התמדה,
מיט בּרען. אָ, און אין צוויי־דרײַ שעה אַלץ
אָפּטאָן. 2. זײַן זייער ענערגיש. אָנלייזן.

אָנקויפֿן אָדער אַ סך (געראָטן) פֿאַרקויפֿן. "אַ
בּריה, אַ בּראַנד, וואָס זי האָט נאָר
אָנגעבּראַנדעוועט אויפֿן יריד,,. 3. אָנטומלען, אָנשטיפֿן.
יונגאַטשעס בּראַנדעווען אָן.
אָנבּראָניען, ~בּרוניען (זיך) — אוטוו
־ניע (זיך) אָן, זיך ~געבּראָניעט. אויך:
~בּראָניאַיען. □ □ □] □] □ □]a6 □ [: □ □ <. לאָקל
(וואָלין). אויפֿלויפֿן. אָנגיסן זיך (וועגן קנאָספּן,
זאַנגען). ,,נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און די
שפּראָצאייגלעך וועלן אָ'". אויך אַ פּרישטש קען
אָ'. מיט ז י ך — אויך: געשוואָלן ווערן.
אָנבּראָנעווען — טרוו ־נעווע אָן, □..,
געבּראָ.
נעו□עט. 1. אָנהייבּן בּראָנעווען. אָ, דאָס פֿעלד.
2. בּראָנעווען אַ צאָל. אָ, פֿעלדער.
אָנבּראָקן — טרוו. בּראָק אָן, ~געבּראָקט.
1. אָנקרישלען. אָנבּרעקלען. אָ, פֿאַר□ל. אָ,
לאָקשן (אייגנטלעך אָנשנײַדן פֿון אַ
צונויפֿגעלייגט בּלאַט לאָקשן). אָ, בּרויט פֿאַר די
פֿייגעלעך. אָ, פֿאַרן קינד פּיצעלעך עסנוואַרג. *אָ, די
בּיינער = אָנקלאַפּן, אָנשלאָגן, אָנבּרעכן די
בּיינער. □אָ, לאָקשן = אויך: אָנשנײַדן לאַנגע פּאַסן.
*אָ, ל י ג נ ס — אָנדערציילן ליגנס. "[ער] האָט,

ווײַזט אויס, אָנגעבראָקט אַ פֿולע פּאַס ליגנס“,
ש. גאָדינער, דער מענטש מיט דער ביקס II,
מאָסקווע 1933.
2. (צעטיילן, צעצופּן אע אויף שטיקלעך
און) אַרײַנשיטן אין אַ (פֿליסיקער) שפּײַז. אָ, אַ
האַרט איי אין באָרשט. אָ, דעם באָרשט מיט
אַ האַרט איי. דעם לעצטן טאָג פּסח אָ, מצה
אין הייסער מילך. „וואָס מיר האָבן שוין
געגעסן! אָנגעבראָקט פֿאַרדאַרט ברויט אין הייס
וואַסער“. אויך מיט ז י ך ־עניש.

.

אָנבראַקנ(י)ען — אוטוו. ־נ(י)ע אָן, □,

געבראַקנ(י)עט. □]□ו□]□]□□]□a6□]:□□<־ 1.
אויפֿלויפֿן (ווען אַ ניט־סאָלידן שטאָף אין באַריר
מיט וואַסער). קאַליע ווערן. אויפֿגעבלאָזן ווערן.
אויפֿיורן. „דער ברוינער קאָסטיום בראַקניעט
אָן אויף אים אַלץ מער און מער„ [פֿון רעגן],

אָנבדאַקעווען

בערג, בײַם דניעפּער II. „די קעמערלעך [פֿון
געהילץ] געשווילן אָן, ווערן ברייטער, גרעבער,
אָדער בראַקנען אָן„, בער. 2. געשוואָלן
ווערן פֿון שווערער אַרבעט אין

קאָנצענטראַ. ,,
ציע־לאַגער האָט אים די רעכטע האַנט
אָנגעבראַקניעט".
אָנבראַקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ־,
געבראַ
קעוועט. אָנמאַכן בראַק. שלעכט אײַנפּאַקן
כלים און זיי אָ'. אָ, אַ טייל ביימער פֿון
אָפּגעקויפֿטן וואַלד.
אָנבראָקעכץ — דאָס, ־ער (־ן). שפּײַז וואָס
מע בראָקט אַרײַן אין אַ שיסל, טעלער. יויך
מיט אָ,. מצה־אָ'.
אָנברוגזן — [... ברוי'גזן,... באַרוי'גזן]
טרוו. ברוֹגז אָן, ~געברוֹגזט. מאַכן עמעצן
ברוֹגז, אַרײַנברענגען אין אַ צושטאַנד פֿון זײַן
אין כעס פֿון פֿילן זיך באַעוולט, שטאַרק
אומ,
צופֿרידן. אָ, דעם פֿרײַנד מיט נאַרישע
שטעכווערטלעך. אָ, די שכנים, זיי זאָלן זיך קיינמאָל
ניט איבערבעטן. אָ, דעם שווער אויפֿן איידעם.
אָ, צוויי לענדער און דערפֿירן צו אַ
דיפּלאָמאַטישן קאָנפֿליקט. ,,האָט זי אָנגעברוֹגזט אירע
צוגעפֿאַרבטע דינע ברעמען", זש, טמז, 1966
13 II. מיט ז י ך — אָ, זיך און אַרויסלויפֿן
פֿון שטוב. אָ, זיך אָן אַ פֿאַרוואָס. ,,ער וועט

זיך דאָס ערשטע מאָל אויף איר ערנסט אָ',,,
ספּ, סודות. ,,דער גבֿיר אַדיר קאָן זיך נאָך אָ,
-
און זיך אויפֿהייבן פֿון בענקל“, יג, טמז, 1964
9 X פֿיג. ,,האָבן זיך די וואָלקנס אָנגעבראָגזט
.
און געצויגן נידעריק“, אסתּר שומיאַטשער, אין
שעהען פֿון ליבשאַפֿט.
אָנבּרודיקן — אוטוו & טרוו יק אָן, ~

געבּרודיקט. אָנקויטיקן. אָנוואַרפֿן שמוץ,
בּלאָטע. אָנשמוצן. אָ, דעם האַנטעך מיט די
שמוציקע הענט. מיט בּלאָטיקע שטיוואַלעס אָ, די
(אויף דער) פּאָדלאָגע.
אָנבּרוטשען — אוטוו ־טשע אָן, ~
געבּרו.
טשעט. 1. אַרויסגעבן קלאַנגען ווי אַ קאַץ
(ווען זי איז הונגעריק אָדער שלעפֿעריק).
2. דזוו אָנבּורטשען ←, אָנבּרוקען ←.
אָנבּרויגען — טרוו ־גע אָן, ,געבּרויגעט. פּר.

:br <. צונויפֿנעמען, אַרײַננעמען אין
אַ סטויג. “שוין צײַט אָנצובּרויגען דאָס היי אין

די בּרויגן".

אָנבּרויזן — טרוו. בּרויז אָן, □י.,געבּרויזט.
1. מאַכן עס זאָל בּרויזן, בּלעזלען. יוירן. איבּעראַנײַס אָ, די אויסגעווועפּטע סאָדע־וואַסער.
2. דערפֿירן עמעצן צו אויפֿרעגונג; אַרויסרופֿן אין עמעצן כּעס, צאָרן. אָ, איין שותּף קעגן אַנדערן. אָ, דעם איידעם קעגן דער שווי־ גער. ,,אָנגעבּרויזט מיט דראַנג אים,,, פּמ, מל□ומה □.

אָנבּרוינען — סרוו. בּרוין אָן, □י.,געבּרוינט.
1. אָנמאָלן עפּעס מיט בּרוינער פֿאַרבּ. אָ, דאָס פּנים מיט שמינק און זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אָן אינדיאַנער. 2. (אַ בּיסל) בּרוין מאַכן. צובּאַקן. צובּרוינען. אָ, די זעמעלעך זיי זאָלן

ווערן כרוסטקע. מיט ז □ ו — אָ, זיך אויף דער זון. ־ונג.

אָנבּרוך — □דער, ־ן. אָנהייבּ פֿון טאָג. בּאַגינען. ,,שיין איז דער אָ, אויף טאָג ווענסע־צײַט אין וואַלד,,, ממוס, קליאַטשע. ,,און שיין ווי דער אָ, פֿון פֿרילינגס־בּאַגינען אויף דופּטנע פֿעלדער פֿון רויזן און ליליען,,, ד עדעלשטאַט ,,ערשט בּײַם אָ, פֿון בּאַגינען איז ער

אַראָפּגעקראָכן“, מק, 'מוניע דער פֿייגל־העֶנדלער'.
„... זיצט דורך דער נאַכט אויף אַ שטיין און וואַרט אויף דעם אָ, פֿון טאָג“, חג, טמז, 21 1967 l ▯ I פֿון אָ, אויף קאַיאָר ביז שפּעט
. „
אין דער נאַכט אַרײַן„, א. שעכטמאַן, טאָוו, היימלאַנד, 7 l962, No. ”מיטן אָ, אויף טאָג האָט ער זיך אויפֿגעהויבן“, דאָרטן, 3 No.
אָנבּרומען — אוטוו & טרוו. בּרום אָן, ~ געבּרומט. 1. בּרומען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, ווי אַ בּער. אָ, אין די אויערן. 2. דזוו אויסבּרומען (←, 156), נאָר וועגן אַ צאָל. אָ, ניגונימלעך. 3. אָנרעדן אויף עמעצן. אָנמסרן. „דער שׂטן איז ווי אַ סוחר צו שׂרהן געקומען און האָט איר אויף אַבֿרהמען געטאָן... אָ'„, עקידת יצחק [ייִד, פֿאָלקלאָר, 4 .[▯ No.
אָנזידלען, אָנבּייזערן זיך. ”מיט אַן שרײַאַן און מיט אַן בּרומן טוט ער דער דארך אין גיהנום אַרײַן קומען“, עיון. אויך מיט ז י ך.
אָנבּרוסטן — דזוו אויסבּרוסטן ←, 157. אויך מיט ז י ך.
אָנבּרוקירן — טרוו ־קיר אָן, ~(גע)בּרוקירט. 1. בּאַדעקן, אויסלייגן מיט שטיינער, ציגל, קלינקערס אע. אָ, די זײַטיקע געסלעך. 2.

אָנהייבּן בּרוקירן. ־ונג.
אָנבּרוקען — דזוו אָנבּורטשען ←.
אָנבּרידז(י)ען — טרוו ־דז(י)ע אָן, ~
גערבּידז(י)עט. מאַכן עס זאָל זײַן (ווערן) עקלדיק.
אָ, דאָס פֿירהויז מיט טינוף. מיט ז י ך —
"זי האָט גענוג זיך אָנגעבּרידזעט פֿון אים".
אָנבּריהן זיך — [... בּעריען] אוטוו. בּריה זיך
אָן, זיך ״י„געבּריהט. אָנאַרבּעטן זיך פֿלינק,
ווי אַ בּריה. עפּעס טאָן און דערבּײַ זיך
בּאַי
מיִען אַ סך אויפֿצוטאָן. אָ, זיך אויף דער
חבֿרטעס חתונה.
אָנבּריזגען — טרוו ־גע אָן, ~געבּריזגעט.

אָנשפּריצן. אָ, די לײַלעכער פֿאַרן אויספּרעסן.
אָ, קויט. „רוק זיך אָפּ. די אויטאָס קענען אָ,
בּלאָטע אויף דײַנע הויזן". —עניש.
אָנבּרייט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנבּרייטן. אָנגרייט. אַ גרויסער אָ'.
אָנבּרייטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנבּרייטן. אָנגרייטונג. אַ
כּסדרדיקע אָ'. 2. אַרכ. פֿאָרויסבּאַשטימטער פּלאַן,
וועג. „דורך דיא שטערן לויף איר ווערק אין
הימל ווערט געבּין איין אַן בּרייטונג צו אַלע

בשעפֿניש...‟, בע, טו/ב. ‟און וואָש דוא
וועשׂט מיר זאָגן צו טאָן איז מײַן אַן בריטונג,
נור דען טוט דען ביטערן זאָלשׂטו פֿון מיר
אָפּ קערין‟, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא
תקע,,ט. 3. טוו פֿאַר , מ כ ו ן , אַזוי מ ,

אָנברייטן

שמות, טו, 17 [תּי: ,,אָרט‟]. ,,און גאָט וועס
כּאַשאַפֿן... אויף דעם אָ'‟, ישעיה, פּירוש
עבֿריטײַטש, לעמבערג 1877, ד, 5. [תּי: ‟גאַנצן
פֿלאַץ‟].
אָנברייט זיין — צזוו. אַרכ גרייט זײַן.

‟זאָלן אַן ברייט זײַן אַלי יאַר צינז צו געבן
צו דען טעמפּיל,,, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. ,,ער
איז אַן ברייט דיא לײַט רמאות צו טאָן‟, ספֿר
ע)יח ע)דה יורדא תּצ‟ז.

אָנברייטן — טרוו. ברייט אָן, ..,געברייט.
אויך: ~באַרייטן, אַרכ און בײַם
איבערזעצן. טוו פֿאַר ,הכן', 'כּונן, און אַלע אַנדערע
פֿאָרמען פֿון 'כּון,. געניצט בײַם סטיליזירן. מסt

פֿאַרטײַטשט 'ותעשׂ, (בּראשית, כז, 14): „און, זיא אַן בּרייט“; מלל פֿאַרטײַטשט 'ערובֿ, (תּהליס, קיט, 122): „בּרייט אַן“. 1.
אָנגרייטן, צוגרייטן. “גוט בּיר, גוטין ווײַן זאָל מען א'“, □)ה II פֿיורדא 1723. „וואָס דו בּרייטסט
□
,
אָן צו אַ מכּה אַ רפֿואה“, קרבּן אַהרן, ווילנע תּרח“כ. „איין סעודה, לצדיקי צו די צדיקים, יתקן ער וועט אָ'“, סדר אַקדמות, מיט עבֿרי טײַטש..., [לעמבּערג? אָנהייבּ 19. י“ה]. “דו זאָלסט אָ, דעם שבּת אַזוי ווי מע בּרייט אָן אַן אורח חשובֿ אין זײַן הויז,,, נוצ, קמ/א. „לאָזט די בּאַדערפֿעניש מײַנע מיר אָ'“, ממוס, זמירות 2. בּאַשטימען. אָנמערקן, פּלאַנירן פֿאַר אַ
געוויסן צוועק. „איידער דו בּיסט אַרויסגע□
אַנגען פֿון דײַן מוטערס לײַבּ האָבּ איך דיך
אָנגעבּרייט [,הקדשתיך□] צו אַ נבֿיא“, צור. „אַז איך האָבּ שוין מסכּים געוועזן צו מחבּר זײַן דעם ספֿר, האָבּ איך אָנגעבּרייט זײַנע גרונדן,,, חה. “ער וועלכער בּאַשאַפֿט דעם מענטשן אין
מוטערס לײַבּ, בּרייט אָן זײַנע מחשבֿות“, מר III.
„יהושע האָט גערופֿן די צוועלף מענער וואָס ער האָט אָנגעכּרייט פֿון די קינדער פֿון ישׂראל,,,

תּי, יהוש□, ד, 4.
3. אויפֿשטעלן. „דו גוט [= גאָט] (כּוננתּ)
האשׂט אַן גבֿרייט (מישרים) פֿשרות„„ סהמ,
תּהלים, צט, 4 [תּי: „האָסט אויפֿגעשטעלט
יושר“]. 4. אויפֿריכטן. “פֿר דרבֿן דיא
רשעים, ('ותכונן') אונ, דו זאָלשׂט אַן בּרייטן
דען צדיק“, סהמ, תּהלים, ז, 10 [תּי: „
אויפֿריכטן„]. „אַ הויז האָט עתּיקא אָנגעבּרייט“,
צײַט, מטטרון.
מיט ז י ך — זיך אָ, שפּײַז. „זיך אָ, צו
אַנטפֿאַנגן די תּורה„; “ישׂראל הייסן עמא קדישא,
זיא בּרייטן זיך אַן מייחד צו זײַן דען נאמין
פֿון הקבּ“ה“, אַריה ליבּ זעליגמן, תּקוני
מועדים פֿיורדא 1725. “ווער זיך אוף דיזן עולם
’
וואול אַן בּרייט מיט מעשׂים טובֿים...„„ עפּש,
דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796, פֿרק כח.
„איז דען רעכט דז זיך דר קלוגר מאַן זאָל
זעלבֿן אַן בּרייטן צו פֿר שמעהונג“, בּע, ד/ב.
„דער תּנא זאָגט: בּרייט זעך אָן אין פֿירהויז,
דאָס איז עולם הזה, כּדי דו זאָלסט קענען
אַרײַנגיין אין פּאָליש אַרײַן, דאָס איז עולם
הבּא“, ר, משה בּר, נתן נטע איבּז, ש□ט מוסר□
סודלקאָוו 1833. „[נמרוד] האָט געזאָגט: בּרייט

איַך אָן און מיר וועלן אונדז בויען אַ

טואָנבדייטערין

רעם,,, ר, אַהרן מטריש, ספּר מצח אַהרן, וואַרשע תר,,ג ־ער.

.

אָנבּרייטערין — די. ← אָנבּאַרייטערין. אין חדרים פֿון פּאָד, אָנהייב 20. י,,ה. טוו פֿאַר 'קדשה'.

אָנבּרייען — טרוו. בּריַי(ע) אָן, ,יי־,געבּריַי(ע)ט.

־

1. אָנקאָכן מיט האָפּן. מאַכן עס זאָל פּערמענטירן. אָ, מעד. אָ, בּיר. 2. אָנרעדן אַ סך, אָ, מעשׂיות וואָס ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלוין. אָ, ליגנס. ,,וואָס זאָל איך איַך דאָ אַ סך דערציילן און אָ'?“, עט, סערקעלע. אָ, מ צ ה = א) אָנכּראָקן מצה־פֿאַרפֿל אין הייס וואַסער (מיט אַ בּיסל שמאַלץ); בּ) אַ בּיסל פֿרעגלען אויף אַ פֿאַן געווייקטע שטיקלעך מצה ־עכץ

—

—עניש.

אָנבּרילן — אוטוו. בּריל אָן, ,־,געבּרילט.

בּרילן ווי אַ לייב. אָנשרײַען מיט אַ בּאַסאָווער שטים.
אָנבּריסטן — דזוו אויסבּריסטן ←, 157.
אָנבּריסקען, ~פּריסקען — דזוו אָנבּריזגען.
אָנבּר␣ען — טרוו. בּרי אָן, ~געבּריט (אויך: ~געבּריִעט). 1. אָנקאָכן, אויפֿקאָכן בּיזן זידן. אָ, מילך. אָ, גענוג זודיק וואַסער. 2 פֿאַר.
בּריִען; אָנציִען. אָ, טיי. 3. זייער שטאַרק אָנהיצן. "ווייצענע פלעווע מיט גערשטענע פֿלעווע זאָל מען זידן און מיט דעם אָקרעפּ גוט אָ, אַ וואונד", תּעלה ארוכה, לבֿוב 1850. מיט ז י ך. ־עכ␣ן. ־עניש.
אָנבּריקע(נע)ן — טרוו ־קע אָן, ␣...,
געבּרי.
קעט. אויך: ␣,בּריקעווען. אָנקאָפּען, אָנהאַקן, אָנשלאָגן מיט אַ שטויס, מיט אַ בּריקע פֿון אַ פֿוס. אָ, דעם חבֿרה־מאַן אַ 'הינטן, ער זאָל האָבן זיך צו האַלטן. אָ, דעם פֿערד, ער זאָל (זיך לאָזן אין אַ גאַלאָפּ) גאַלאָפּירן. אָ אַ
,
גאַנצן טאָג דעם בּאַלעם (די פּילקע) און פֿאַרגעסן צו מאַכן די היימאַרבּעט. מיט ז י ך.

אָנבּירהדיק — [... בּריירע...] אַדי. וואָס
מע האָט דערבּײַ קיין בּרירה (קיין אויסוואַל)
ניט. וואָס איז אָן אַ בּרירה. אין אַן אָ'ער
סיטואַציע. „מורמלט דער אָ'ער אונטערטעניקער
מענטש“, יג, איק, 15 XI 1957.   ־יקייט.
אָנבּרעגיק — אַדי.   וואָס איז אָן אַ בּרעג,
וואָס מע זעט ניט זײַן בּרעג. אָנסופֿיק. אָ,
שפּרייט זיך דער ים. אַן אָ'ע חוצפּה. „אַרום
און אַרום הענגט אַזאַ מין פֿינצטערע נאַכט ווי
אַן אָ'ער ים“, א. האָלאָווקא, איבּז, פּראָלאָג,
קיִעוו 1935. „אַרום איז אַזוי פֿרײַ. אַזוי אָ,
בּרייט, כאָטש צעלויף זיך פֿאַר פֿרייד„, י
פֿאַליקמאַן, צווישן סאָפּקעס, בּאַרדיטשעוו 1937.
—יקייט.
אָנבּרעד(ז)יען — דזוו אויסבּרעד(ז)יען ←,
▯ 15.
אָנבּרעך — דער, ־ן.   אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנבּרעכן. אַ מיאוסער אָ, פֿון דעם שיכּור.
אַן אָ, פֿון בּיינער.
אָנבּרעכן — טרוו. בּרעך אַן, ~געבּראָכן.
1. בּרעכן אַ סך, אַ צאָל. מאַכן פֿון עפּעס אַ

סך טיילן, שטיקלעך. אָ, מצה פֿאַרן בּרײַ. אָ,
שפּענדלעך צו מאַכן אַ פֿײַער. 2. אַ ביסל

אָפּבּרעכן. מאַכן אַ שפּאַלט. אָ, אַ ליימענעם טאָפּ.
3. אָנשלאָגן. אָ, די בּיינער, די זײַטן. "האַקן פֿענצטער פֿאַר הוספֿות און אויך אָ, די בּיינער", א. קאַהאַן, מענטשן פֿונם אַלקער, מאָסקווע 1927. 4. אָנמייקענען אַ סך. דער שיכּור האָט אָנגעבּראָכן אַ פֿולע שטובּ. "מ'דאַרף דעם קינד אײַנגעבּן בּראָכוויַן, עס זאָל אָ,", טאַרלער רבּי, סגולות ורפֿואות II, לאָדז, 1910? 5. אַרכ. אוטוו. אָנהייבּן טאָגן. שאַרִיען. "מאָרגן פֿריא ווען דער טאָג אַן בּרעכט", מבּ, מעשׂה קסט.
"ענדלעך ווי דער טאָג האָט אָנגעבּראָכן, זענע זיי אָנגעקומען צו דער גרענעץ פֿון טאָל שרון", הנ"ץ איבּז, שולמית, לובּלין 1875.
אָנבּרעכן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אָנ שפּאַלטן זיך; זיך אַ בּיסל אײַנבּרעכן פֿאַ אַנס " ,
.
קען זיך אָ', אויבּ מ'עט ניט פֿאַרפּאַקן מיט אַ סך שטרוי". "ווי פֿאָרזיכטיק מע זאָל זיך מיט זיי ניט בּאַגיין [מיט די וואָרצלען] קאָן ניט זײַן עס זאָל זיך כאָטש איין וואָרצל ניט אָ'", מ ווערלער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. 2. שווער אַרבּעטן; האָרעווען.
אָנמאַטערן זיך. זיך אָ, די פּלייצע בּײַ דער ניימאַשין. "אָ, זיך אַ גאַנצן טאָג די פֿיס און גאָרניט

פֿאַרדינען“. 3. זיך זאָרגן; זיך דאגהנען. אָ, זיך
דעם קאָפּ וואו מע נעמט אויף אַ טאָג
איבערצוקומען. (אָנ)בּרעכן זיך דעם קאָפּ שעהן
נאָכאַנאַנד און זיך צו גאָרניט דערטראַכטן. „ער
וויל שוין פֿון דעם נישט טראַכטן. ער האָט
זיך שוין גענוג אָנגעבּראָכן דעם קאָפּ“, י.
שטיינבּערג, אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, בּערלין 1922.
4. דזוו אונטערבּרעכן זיך, בּ3 (← 696).
־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אָנבּרעמ(ענד)יק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
בּרעם, אָן בּרעמען. „ער וואַרפֿט אויף איר
מיט... אָנבּרעמענדיקע אויגן„, שע,
בּלאַנדזענדע שטערן I. „דאָס אָנבּרעמיקע פּנים
אינגאַנצן פֿאַרפּאָראָשעט מיט זומערשפּרינקלעך„,
ש. האַלקין איבּז, פּאָלונדרע, מאָסקווע 1931.

אָנבּרען — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנבּרענען (זיך). אַ ווייטיקדיקער
אָ'. „אַ מיטל איבּערצובּרענען האָלצקוילן אויף
זייערע אויטאָמאָבּילן. דערוויַיל רופֿט עס אַרויס
אַ שטאַרקן אָ, און עס קומט אויס אָפֿט צו
רייניקן די אויטאָמאָבּילן„, א. הינדעס איבּז,
אַנאַ לואיזע סטראָנג, די אומבּאזיגטע כינע,
קיִעוו 1940. 2. דזוו איַינבּרען ←. מעל מיט
פֿעטס אָנגעבּרענט אָדער איַינגעבּרענט אויף אַ

פֿענדל. אַרײַנגיסן דעם אָ, אין זופּ פֿון אַרבעס, פֿאַסאָליעס. "מ'לאָזט [די הון מיט די שארירקות] קאָכן אַ שעה צײַט. מע מאַכט אַן אָ, און מע מישט אויס מיטן סאָס", בּ. שאַ􏰀ראַן, ייִדישע קיך, וואַרשע 1930.

אָנבּרענג — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנבּרענגען. אומגעריכטער אָ, פֿון מתּנות.

אָנבּרענגען — טרוו. בּרענג אָן, ~געבּראַכט, ,􏰀געבּרענגט. 1. בּרענגען אַ סך. אָ, מתּנות

אָנבּרענגען

פֿון אַלע זײַטן. „אַז מע האָט דיר אָבער איצט אַזוי פֿיל [געלט] אָן עין־הרע, אָנגעבּראַכט, פֿאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט געבּן על־כּל־פּנים כאָטש פֿינף און זיבּעציק [קערבּלעך]?", יפּ. „ווי וואָלט איך שוין געוואָלט עלטער ווערן מיט עטלעכע טעג און זען וואָס זיי וועלן דאָס אָ, פֿון דאָרט", בּ. בּעקערמאַנן, דער יודישער שפּיעגעל, זבּ, וואַרשע 5􏰀18. "און פֿאַפּיר האָט יעדער בּאַלד אָנגעבּראַכט אַ שרעק, אַ גוואַלד", פֿרוג II. אָ, שמאָכטעס (לאַכעס, שמאַטעס,

לאַכודרעס) = איר, קויפֿן, אַרײַנבּרענגען אין שטוב כּלומרשטע מציאות, ספּעציעל פֿרויען־מלבּושים.

2. בּרענגען פּלוצעם. אומגעריכט (מיט אַ שלעכטן רעזולטאַט). דער רוח (טײַוול, שוואַרציאָר) האָט אים אָנגעבּראַכט. אָ אַן אומגליק.

,

"זייערע מעשׂים וועלן אָ, גזירות אויף ייִדן".

"ראַצן האָבּן זיך פֿאַרמערט אין די פֿאַרוואָרלאָזטע הײַזער און זיי קענען נאָך אָ, אַ מגיפֿה". "פּלוצלונג האָט דער גוטער־יאָר דײַן טאַטן אָנגעבּראַכט,,, געגאַרטע וועלט, 1815?

3. אָנטראָגן פֿון אַ סך ערטער, אָנשלעפּן. אָ, קוילן (האָלץ) אין קיך. אָ, מיט דער קאָראָמיסלע עמערס וואַסער פֿון בּרונעם. ,,אַהינצו לויפֿן אַרײַן, רינשטעקלעך אי בּעלי־בּתישע פּאָמוניצעס און בּרענגען מיט זיך אָן פֿון כּל־טובֿ", ממוט, מסעור[.

4. אַפֿערבּרענגען. בּרענגען ידיעות. אינפֿאָרמירן, אָנמעלדן. אָ, נײַסן. ,,די פֿייגל בּרענגען אָן גרוסן פֿון ווײַטע לענדער". ,,זי איז דאז בּיום השבּת פֿריא דען יעניראל אודיטנט אָן גבּראכט וואַרין דזין די ג, [פֿאַר שונן] ווידרום

דא גוועזין זײַנן", באַלעגערניש.

5. אונטערטרעגן. אָפּטראָגן; צוטראָגן. „... רכילות־טרײַבר דיא מאַן גיבט פּעטי אונ, גוטי שפּײַז, ווען זיי וואש (לשון הרע) אַן ברײנגן„, מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג 1721. „דיא (אומות) האבן זיך אַן אים (מקנא) גוועזן אונ, האבן אויף אים (מלשינות) אַן גבראכט בײַא דען קינג", שאַר, מה/ב. "רכילות הייסט ווען מן אַן ברענגט וואש מן גיהערט הט„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פּפּדמ תּמ„ה?, כז/ב. "זוא איז דער מאַן זער ביזאָרגט אונ, האָט מורא מן האָט איין (מסירה) אויף אים אַן גיבראַכט", מהמ, אַמשט 1722.

6. אָנווענדן, אַפּליקירן. צופּאַסן. אָ, דעם פּרינציפּ פֿון ערלעכקייט אויף די קלענסטע מעשׂים פֿון טאָגטעגלעכקייט. „האָט ער אָנגעבראַכט זײַנע ווערטער און מעשׂים".

7 פֿאַרניצן, אויסניצן. „די ייִדן זשאַלעווען
.
די צײַט, וועלכע מע קאָן בעסער אָ, אום די פויערן צו עקספּלואַטירן", איבז, אָנטיסעמי־ טישע בראָשור, ייִפּאָל, 1887, No 21.

8. גורם זײַן. אָ, כּבֿוד (חרפּה) אויף דער משפּחה. אָ, נײַע פּאַראָנדקעס. „גרויסע בזיונות

בּרענגט ער אָן אויף זײַן קאָפּ“, בּ האַגער, איק,
ר,,ה תּשכ“ז. מיט ז י ך — בּלויז פֿאַר זיך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (—ין, ־קע).
־ערײַ.

אָנבּרענגעריש

אָנבּרענגעריש — אַדי. וואָס האָט אַ טבֿע אָנצובּרענגען. ,,אָט קומט ער, דער גוטער, אָ'ער פֿעטער“.

אָנבּרענונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט □ון אָנבּרענען. 2. אָנצינדונג. געשווילעכץ.

אָנבּרענען — טרוו. בּרען אָן, □י.,געבּרענט. 1. מאַכן עס זאָל בּרענען אַ סך, מער ווי מע דאַרף אָדער פּונקט ווי מע דאַרף. אָ, האָלץ, דעם גאַנצן אָנגרייט (מיט) קוילן. אָ, אַן אויוון אַזוי, די שטוב זאָל אויך מאָרגן זײַן וואַרעם. 2. אָנגליִען. מאַכן זייער הייס דורך םײַער, קוילן וכדומה. אָ, דעם פּרעסאײַזן. אָ, ערבֿ פּסח דעם אויוון. 3. צו לאַנג האַלטן אויפֿן פֿײַער (בּיז עס ווערט צום טייל פֿון אונטן,
,
סאַרבּרענט, צוגעבּרענט). אָ, פֿלייש. (אַזוי) אָ,

-

אַ טאָפּ אַז מע זאָל אים דאַרפֿן אַרויסוואַרפֿן.
אויך אוטוו — דער טאָפּ ברענט אָן, דאָס פֿלייש
וועט אָ, [אַנשטאָט דעם פּאַסיוו: ווערט
אָנגעבּרענט]. „די זופּ אויז גזאָטן איז, דא בּרענט
דר טאָפּ אַן און, דשׂ עשׂן ווערט כּלייה„ [=
קאַליע], סהמ, יחזקאל, כד, 11. ᐅמע קאָכט עס
מישנדיק כּסדר. מע דאַרף היטן אַז עס זאָל
ניט אָ'" פֿאָר, 4 .6 1966 XI. שטאַרק
אָנוואַ,
רעמען (בּיזן רויט מאַכן). אָנבּאַקן. „די... זון
האָט... די בּיידע אייפֿעריקע פּישער גוט די
רוקנס אָנגעבּרענט", ל. קאָבּרין איבּז,
מאָפּאַסאַן II, נ"י 1914.
5. אָנריישן. אויסמישן אַ געקעכטס מיט
עפּעס וואָס איז זייער הייס, זודיק. אָ, די יויך.
6 פֿאַרהאַרטעווען דורך בּרענען. אָ, ציגל.

.

7. אָנפֿלאַמען. אויפֿפֿלאַמען. אויפֿוועקן, אויפֿ[־
רייצן. דער יצר־הרע בּרענט אים אָן פֿילנדיק

„ .
אָנגעצילעוועט אויף זיך די גלוסטיקע בּליקן
פֿון... מענער, ווערט זי אָנגעבּרענט מיט

לוסט,,, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן....

8. דריטפּערזאָניק. מיטאַמאָל קריגן אַ שטאַרקן באַגער. ,,וואָס האָט דיר אַזוי אָנגעבּרענט?“. ,,פּלוצעם האָט אים אָנגעבּרענט אָפּצוטאָן אַזאַ שטיקל אַרבּעט“.

מיט ז י ך — אָ, זיך אויף דער זון. ,,דער טאָפּ שמעקט מיט וואָס ער האָט זיך אָנגעבּרענט“, שוו. ־עכץ — ,,דאָס אָ, וועט גאָר לײַכט זיך אָפּרייניקן און איר וועט ניט דאַרפֿן שווער אַרבּעטן,, פֿאָר, 23 1966 II ־עניש.

. ,

־ערײַ.

אָנבּדעקלען — טרוו ־קל אָן, ~געבּרעקלט.

.

1. אָנבּראָקן. מאַכן קרישקעלעך, בּרעקלעך, פּיצלעך. אָ, בּרויט פֿאַר די עופֿות. 2. דזוו אָנבּראָקן, בּ2, נאָר וועגן קלענערע חלקימלעך. אָ, און אָנפּיצלען. אָ, אַ שיסעלע מיט חלה, אַרויפֿגיסן וואַרעמע מילך און געבּן דעם קינד.

מיט ז י ך. ־עכ□ן. ־עניש.

אָנבּרעשען — טרוו ־שע אָן, ~געבּרעשעט.

.

אָנרעדן .< □ □:]□a5]□eI□a'r]□ □ ־m□ נאַרישקייטן אָדער ליגנס. אָנפֿלאַפּלען. אָנליגנערן.

אָ, ווילדע ליגנס. “איר זאָלט שוין מער ניט
אויפֿנעמען פֿ□ן די בערלינטשיקעס, וואָס זיי

ווען אײַך אָ, אויף אונדזערע עמודי־עולם,,,
קמ, 11 1867, No. ,,קיין שום גניבֿה איז דאָ
ניטאָ. דאָס האָט נאָר דער זיידע פֿאַר כּעס
אָנגעברעשעט. מ'האָט שוין אָפּגעשאַפֿט די דיעלע“,
י. קיפּניס איבֿז, ק. גאָרבֿונאָוו, דאָס אײַז גייט,
קיִעוו 1930.
אָנבשלומדיק — [... בעשאָ'לעמ...] אַדי
וואָס איז אָן אַ שלום. וואָס מאַכט ניט שלום
מיט עפּעס. אַוועק פֿון דער היים אַן אָ'ער. אַן
אָ'ער צושטאַנד. ראָכקינד־שקליאַר ווב, מינסק
1940 פֿאַרטײַטשט אַזו□ □][□n]ק[.
אָנגאָב — דער, ־ן. 1. דאָס וואָס מע גיט
אָן ווי אַ באַווײַז. פּרט. אויסצוג. ציטאַט.
פּאַראַגראַף. דעטאַל. ,,אַדלער ווײַזט אָן... אַז אָט דער
אָ, איז ניטאָ אין מאַנוסקריפּט פֿון בריטישן
מוזיי, וואָס ער האָט גענומען פֿאַרן יסוד“,
קאָס, ייִשפּ X□III, 1. 2. דאָס וואָס מע צאָלט
אײַן אויף אַ חובֿ. דזוו אָנגאַבע, ב 3 “... הט
מיר גהאלפֿין מיט דיא ערשטי אַן גאב,,, ר,
יומטוב ליפּמאַן העלער, כּ“י 'מגלת איבה', 1703.

אָנגאַבּע — די, ־ס, ־בּן. ← דפֿוו. נר. 1. אָנגעגעבּענע. איינצלהייט. פּרט. אָ'בּן אין דער פּרעסע וועגן דעם אויסגאַנג פֿון די וואַלן. אָ'ס וועגן די געשעענישן אויפֿן פֿראָנט. 2. איינס, פּאָזיציע אין אַ חשבון. ספּעציפֿיקאַציע. "די אָ'בּן אין רעכענונג זײַנען פֿאַלשע„. "דער גאַנצער בּונטער געווימל פֿון ציפֿערן, אָ'בּן און טאַבּעלעס, זײַנען ווי ריטשקעס אין טײַך אַרײַנגעפֿלאָסן... צום הויפּט־הידראָלאָג", סאָוו. היימלאַנד, 3 .4 1965, No. אַדערויף. האַנטגעלט. געבּן אַן אָ, אויף דעם געקויפֿטן וואַלד.

אָנגאָדערן — ־ער אָן, ~געגאָדערט. אוטוו — אַ סך אָנרעדן, גיך און אומקלאָר, ענלעך צו דעם גאָדערן פֿון אַן אינדיק. „גאָדערט אָן ווי אַן אינדיק און מע ווייסט ניט וואָס ער וויל". טרוו — אָנפּלאַפּלען. אָ, נאַרישקייטן און פֿאַרטומלען דעם קאָפּ.

אָנגאַוועַנד(ז)ען (זיך) — ← אויסגאַוועַנד(ז)□ן זיך, 159.

אָנגאַווערן — ־ער אָן, ~געגאַווערט. אוטוו — אויסטיילן פֿליסיקייט פֿון מויל בּעתן רעדן אָדער קײַען. אָנשמוצן, □אַרשמוצן מיט גאַווער, שפּײַעכץ. אָ, אויפֿן העמד. אָ, אויף דער בּאָרד. טרוו — אָנרעדן אָדער אָנשרײַבּן (מיט) אין אַ

בײזן, אָנפֿאַלערישן טאָן. אָ אַ בײזװיליקן
פּאַס,
קװיל. „דער רעדנער האָט אָנגעגאַװערט אַ
רעדע אַז ס'האָט געכאַפּט אַ חלשות“. ־ניש.
אָנגאַזן ———־ גאַז אָן, ~געגאַזט. אוטװ —
1. אָנלאָזן, אַרױסלאָזן, אױסשײדן גאַז. אָ,
מיטן אױטאָ און פֿאַרשטינקען די גאַנצע גאַס.
2. אָנסרחען. אָננפֿיחהן. אָ, אין צימער. טרװ —
אַרײַנלאָזן, אַרײַנפּרעסן גאַז. אָ, די באַלאָנען
סעלצער־װאַסער. אָ, די אָקסיד־באַלאָנען. ־ונג.
־עניש.
אַנגאַזשירן — טרװ. ־זשיר, אַנגאַזשירט.
(< איי) < פֿר. 1. אָנשטעלן, אָננעמען אױף
אַ שטעל, פּאָסטן. אַ אַ פֿאַרװאַלטער אױפֿן
מאַ,
יאָנטיק. 2. (טעאַטער־לשון)

פֿאַרקאָנטראַקאָנגאַנג

טירן. אַ, דאָס קאָמישע פּאָרל אױפֿן גאַנצן
סעזאַן. „דער קאָמיטעט באַשטימט דעם
רעפּערטואַר, אַנגאַזשירט די אַקטיאָרן און שטעלט אָן
אַ רעזשיסער„, מוק, מײַנע באַגעגענישן. 3.
צוציִען פֿאַראינטערעסירן עמעצן אין אַן אַרבעט,

,
אונטערנעמונג אע. אַ, צו געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. אַ, אין פֿילאַנטראָפּישער אַרבעט. 4 פֿאַרבעטן. ,,דאָרט הערשט די גרעסטע טאָ. לעראַנץ, ייִדן אַ, קריסטלעכע מיידלעך [צו טאַנצן] און פֿאַרקערט,,, קמ, 45 1866, No. ,,זיי האָבן איינע פֿאַר דער צווייטער אויסגעדערציילט,... ווער ס'האָט אַנגאַזשירט טאַנצן, מיט וועמען וועלן זיי שפּאַצירן'', י. גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק, ווילנע 1893.

־ונג. אַנגאַזשירט — אַדי. ,,זיי זענען דאָרט ביידע אַ, אויף אַ גאַנצן סעזאָן'', שע, בלאָנדזענדע שטערן II. ־קייט.

אַנגאַזשירן זיך — אוטוו ← דפּוו. 1. זיך אונטערנעמען עפּעס דורכצופֿירן. זיך מתחייבֿ זײַן. זיך אַ, אין אַן ענין. ,,אַלשׂ איך אין אַהיים אין מײַן קאַבינעטגן פֿירן אונ, מיך אלדא געגן אים אַנגאַשירן פֿיל לײַכט טוט ער מײַן ביט אדיוסטירן'', מכירת יוסף פּפֿדמ 1713. ,,אַלזו —

,
אבּ,,ד [אָבֿ בית דין מהור,,ר שמואל] זיך אַנגשירט אצל הדוכּס לוטרינג'', גה, 314.

2. זיך אָנשליסן. וואָלונטירן. זיך אָנדינגען.

אַ, זיך אין אַן אַרבעט. אַ, זיך פֿאַר אַ גוּווערנאַנטקע. "אין דער מלחמה האָט ער זיך פֿרײַוויליק אַנגאַזשירט אַלס אַן אויסלענדער אין דער פֿראַנצייזישער אַרמיי", א. אַלפּערין, טמז, 3 27. 1960 XI. צושטיין. זיך באַטייליקן. ,,נון לקצר דער ר, משה הנ,,ל האָט זיך ג,,כ [גם כּן] אַנגשירט און אַן המטבע כסף גליפֿירט", גה ▯ 31.

אַנגאַזש(ע)מענט — דער, ־ן. פּפֿ: אַנגאַזשמאַ, אַנגאַזשמאַנט. קאָנטראַקט. אָנדינג. באַשעפֿטיקונג. ,,איך האָב שוין אַן אַנגאַזשמאַ אויף דער פּראָווינץ,,, רייד (אַקטיאָריש). ,,העלף מיר קריגן דעם אַנגאַזשמאַנט אין וואָדעוויל", אָפּאַ, די טענצערין.

אָן גאַל פֿראַזע. ← אָן אַ גאַל פֿלעגט ער

— ,, .

דאָנערשטיק בלײַבן אָן ג, שרײַענדיק פֿון הונגער, ווײַל די מוטער איז אַוועק אין גאַס מאַכן אַן אײַנקויף אויף שבת,,, אמד, דער פּאַדטעפּיאַניסט, ווילנע תּרל,,ח.

אַנגאָלאַ — גג. טעריטאָריע אין דרום־מערבֿ אַפֿריקע, געהערט צו פּאָרטוגאַל. אַנוסים אין 16. און 17. י,,ה. אין 1911 — 1913 טעריטאָריאַליסטישער פּראָיעקט צו שאַפֿן אַן אויטאָנאָמען

ייִד, ייִשובֿ.

אָנגאַלאָפּירן — אוטוו ־פּיר אָן, ~גאַלאָפּירט.

.

אָנקומען רײַטנדיק אין גאַלאָפּ. „די פּאָליציסטן האָבן אָנגאַלאָפּירט אויף זייערע פֿערד און צעטריבן די דעמאַנסטראַנטן“.

אָנגאַנג — דער, ־ען, ~גענג. 1. אַקט פֿון אָנגיין. אַן אײַליקער אָ'. אָ, פֿון דער מגיפֿה. דער אָ, פֿון דער מלחמה ווערט אַלץ שטאַרקער. 2. רעזולטאַט פֿון אָנגיין. צונויפֿקום. געזעמל. אַן אָ, פֿון מענטשן, דערשטיקט צו ווערן.

אָנגאָנערן

3. דאָס וואָס איז אין כסדרדיקער באַוועגונג. דאָס וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ. אָ, פֿון וואַסער אין אָזערע. “די עצם עקסיסטענץ פֿון יעדער טײלוויַיזער אָרגאַנישער סיסטעם, פֿאַרבונדן מיטן נאָרמאַלן אָ, פֿון די אַנדערע טיילן“, לל, פּסיכאָלאָגיע און דערציאונג.

4. המשך. קאָנטינואירונג. טאָגטעגלעכער אָ, פֿון לעבן. אָ, פֿון ים־אָפּפֿלוס און ים־צו לוס. „טראָגט ער אַפֿגאַנג צו זײַן אָ, אויף דער ערד“, אפֿא, לויטער... קוואַל. 5. געוואוינהייט.

פֿירונג. פֿראַקטיקירונג. זיך שעמען (זיך גרייסן)
מיטן אָ,. אַן עטישער אָ'. ,,אַזוי איז בײַ אונדז
דער אָ'. קיין נײַע אײַנפֿירן װעלן מיר ניט
מאַכן,,. ,,אַ רעזשים װאָס דערלאָזט אַ אַ אָ',
איז אויך אַ רעזשים װאָס איז גרייט צו
פֿאַרקויפֿן נאַציאָנאַלע אינדוסטריעס צו פֿר װאַטע
,

מענטשן'', בצג, טמז, 2 1954 II.
6. אָפּזאַץ. אָפּגאַנג. אויסכאַפּעניש. די סחורה
האָט אַן אָ'. ,,בײַ ר, װאָלפֿן איז אַ שטאַרקער
אָ, אויף ציבעלע־קיכלעך, אויף דרעלע און נאָך
אַזוינע מאכלים װאָס אונדזער ביסל יידלעך
חסידים האָבן ליב'', ל. פּימסענשטיין, תּיקון
לייבאלע, לעמבערג 1894. ''װויסנדיק גוט דעם אָ,
פֿון שאָפּן קעז אין שטעטל, האָט לייבע טביהס
ניט אומזיסט געהאַט האָפֿענונגען'', אַר, 'די
געשיכטע פֿון אַ קראָם'.
אָנגאָנערן — ־ער אָן, ,געגאָנערט. אוטוו —
אָנשרײַען, אָנרעדן און דערב אַרויסברענגען
,
קלאַנגען ענלעכע צו גאָ־גאָ. אָ, װי אַ גאָנער.
טרוו — הויך אָנפּלאַפּלען. אָנפּלוידערן. װאָס

האָט ער דאָ אָנגעגאָנערט? אָ אַ פֿולן קאָפּ.

,

אויך מיט ז י ך.

אָנגאָס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנגיסן. פֿליוד. אָ, פֿון ווײַן אין די גלעזער. "האָט עס הײַנט דערלאַנגט אַן אָ', אַזוי ווי פֿון (מיט) צעבּערס". „עס זאָל אים נישט □ עלן דער אָ, פֿון... טרינקען", ספֿר □ יח ספֿוניס, יאַס 1843.

אָנגאַפֿן — טרוו. גאַף אָן, ~געגאַפֿט. אָנקוקן (עמעצן, עפּעס) מיט חידוש, מיט פֿאַרוואונדערונג. אָנשטאַרן, אויסשטעלן די אויגן פֿון באַוואונדערונג, איבּערראַשונג. אָ, דעם בּלינדן וואָס שטעלט אַזעלכע זיכערע טריט. אָ, דעם וואונדער. ראָש מלין מפֿתּח פֿאַרטײַטשט 'ראה; לראוה בּך, (יחזקאל, כח, 7 □): "אָ', אָנשטאַרן".

מיט ז י ך — "ווען דער אינקוויזיטאָר האַט דערזען דאָס בּילד, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָ', ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ מופֿת„, קאָר III.

אַנגאַ'ר — דער, ־ן. (< איי) < פֿר. בּנין, גאַראַזש אויף אַ פֿליפֿעלד, לופֿטפּאָרט, וואו מע

האַלט עראָפּלאַנען.

אַנגאָראַ — גנ. הויפּטשטאָט פֿון אַ פּראָווינץ
אין טערקײַ מיטן זעלבֿיקן נאָמען. געווען
בֿאַרימט אין אַנטיקע צײַטן ווי אַ גרויסער
קאָמערציעלער צענטער. זינט 1923 — אַ'נקאַראַ,
הויפּטשטאָט פֿון טערקײַ.

אַ'־ציג — ציג וואָס האָט לאַנגע פֿלאַכע
הערנער און צייכנט זיך
אויס מיט ניט געוויינלעך
לאַנגע און ווייכע האָר,
וואָס פֿון זיי שפּינט מען
די וועלט־בֿאַרימטע אַ'־
וי אָ ל = מאָ(ה)ער.
אַ'־קאַץ — אַ ראַסע שטאַרק בֿאַוואַקסענע
קעץ פֿון דער פּראָווינץ
אַ'. ווערט עקספּאָרטירט
אין דער גאָרער וועלט.
די אַ'־ק, האָט אַ לענג..
לעכן קערפּער, אַ שפּי
ציקע מאָרדע און אַ דיקן
און האָריקן ווײדל. „
צווישן טערקן איז ער אַ טערק, טראָגט אַ
טורבאַן... און איז פֿויל ווי אַן אַ'־ק'„ צײַט, טמז,

1961. אויך: אַ־האָז. [אין די צונויפֿהעפֿטן

-

אויך: אַנגאָרע־ און אויך בלויז אַנגאָרע.]
אָנגאַרטלען — טרוו ־טל אָן, ~געגאַרטלט.
.
1. אָנבינדן, אַרומבינדן, אַרומנעמען מיט אַ
גאַרטל. אָ, די הויזן, זיי זאָלן ניט אַראָפּפֿאַלן.
אָ, דעם גאַרטל מיטן רעוואָלווער. 2. צוגרייטן
צו עפּעס. צוגעבן מוט. אָ, די חבֿרה פֿאַרן
ספּאָרט־פֿאַרמעסט. 3. באַזאָרגן מיט כלי־זין.
„זע איך בין אַרומגעגאַרטלט מיט דער שווערד
וואָס די אבֿלי־ציון האָבן מיר אָנגעגאַרטלט“,
אַש, תּהילים־ייִד. אויך: *אָ, די ל ע נ ד ן .
אָנגורטן. „ווען דו ביסט נאָר אַ מענטש מיט
קוראַזש... זאָלסטו אָ, ווי אַ העלד דײַנע לענדן“,
שבחי האַר״י, [קעניגסבער] יאָר? ־ונג.
אָנגאַרטלען זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1.
אַרומבינדן, אַרומנעמען זיך מיט אַ גאַרטל. זיך

באַוואָפֿענען. „און אויף דעם אָרט וואו זיי
פֿלעגן זיך דאָרט אָ, זייער גאַרטל... דאָרטן
וועט זײַן דאָס לײַב צעשניטן פֿון בײַלן און
צייכן פֿון מכּות", ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש,
לעמבערג 1877. 2. זיך אָנשטרענגען,
אָרגאַניזירן אַלע מיטלען, כּוחות צו דערגרייכן אַ
ציל, דורכצופֿירן עפּעס. אָ, זיך חתונה צו
מאַכן אַן איינציקע טאַכטער. אָ, זיך צו מאַכן
די קינדער פֿאַר געבילדעטע מענטשן. 3. זיך
גוט צוגרייטן. זײַן פֿעסט, מוטיק, בײַם טאָן
עפּעס. אָ, זיך צום קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע.
אָ, זיך צו די עקזאַמענעס. "איר מוזט זיך גוט
נעמען צו אים. צו אים מוזט איר זיך גוט אָ',,,
אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895.
אָנגאַרטן — ← דוווו. אוצר השרשים, ח"ב,
באַרדיטשעוו 1891 פֿאַרטײַטשט 'אזר, — אָ'.

,

מלל פֿאַרטײַטשט 'ואָ◌דת לו בּחשבֿ האפֿד,
(שמות, כט, 5): "אַן גאַרטין". "גאַרט אַן דײַן
שווערד אויף דײַן דיכט, דו שטאַרקער צו

אָנגוידערן זיך

שטרײַטן די שטרײַט פֿון דער תּורה,,, תּהל◌ם,

(מה, 4), וואַרשע l848.

אָנגאָרטן — דזוו אָנגורטן ←. "אַ וואָלף לויפּט שפּרינגענדיק הין און הער... גאָרט אָן זײַנע לענדן, טוט זיך פֿלינק אַ לאָז און שפּרינגט אַריבּער דעם מעסער", ממוס, קליאַטשע. מיט ז י ך — "האָבּן זיך אָנגעטאָן אין פֿאַנצערן און מיט שווערדן און מיט שפּיזן האָבּן זיי זיך אָנגעגאָרעט", מחזור מן שלש רגלים, ח"ש, טשערנאָוויץ 1848. "די תּורה גאָרט זיך אָן אין אַ זאַק ווער עס זי לייענט אָן ניגון,,, רבּינו יונה [איבּז], ספּר היראה, לבֿוב 1851. ,,גאַרטלט זיך אָ ייִד אַרום און גאָרט זיך אָן די לענדן מיט שפּריצערלעך... און די פּאָר שטרויענע הײַזלעך פֿלאַקערן דערווײַל אויס", ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. ־ונג —

שווב פֿאַרטײַטשט 'אפֿד — חגורה': איין אַן גאָרטונג,,.

אָן גאָרני(ש)ט   פֿראַזע. 1. אָן צוגאָבּן.

ניט צוגעפּראַוועט. ניט צוגעריכט. אַ בּאָרשט(ש), אַ זויערקרויט, אָן סמעטענע, אָן אַן איי —

אָן ג'. אַ גלאָז טיי, קאַווע אָן ג'. אַ פּרעזשעניצע אָן ג'. אַ מאכל — אָן זאַלץ, אָן פֿעפֿער, אָן פֿעטס — אָן ג'. 2. אָן צודאַטן, אָן באַפּוצונגען. פּשוט. איינפֿאַך. אַ געוויינלעך קליידל, אָן ג'. אַ היטעלע, אָן בענדעלעך, אָן ג'. 3. וואָס פֿאַרמאָגט גאָרניט. ניט־צוגעגרייט. ניט־אויסגעשטאַט. אַרויסלאָזן זיך אויף אַ רײַזע איבער דער וועלט אָן ג'. ער (זי) איז אַ פּוסטע כּלי — אָן ג'. „אָן ג, — פֿאָר ניט“, פֿוול.

אָנגאָרענען — טרוו. גאָרן אָן, ~געגאָרנט. נעאָל, מוו. אָנבויען גאָרן אויף גאָרן. אָנלייגן, אויפֿשטעלן איינס אויף דאָס אַנדערע. אָ, די שטאָט מיט שמאָלע און הויכע הײַזער. אָ, די זעק תּבֿואה ביזן סופּיט. פֿיג. אָ, אַ טעאָריע אויף אַ טעאָריע מע זאָל ניט קענען דערגיין קיין טאָלק. „דאַרף מען זיך ניט אויספֿײַנען מיט הויכע ווערטער, ניט אָ, קיין זאַצן אויף זאַצן“, מוו, ייִשפּ I, 108.

אָנגאָרשט(ע)ן — טרוו. גאָרשט(ע) אָן, ~ געגאָרשט(עט). סל. אָננעמען אין אַ הויפֿן. אַרײַננעמען אַ פֿולן הויפֿן. אָ, די הענט מיט ניסלעך. אָ, ניסלעך אין די הענט. ״כ'האָב אָנגעגאָרשט אַ הײַפֿעלע טאַבעק און צוגעלייגט צו דער נאָז“, יוסף חנני, איך, ר״ה תּשכ״ח.

אָנגוואַלדעווען — ־דעווע אָן, ׳י.,
געגוואַלדעוועט. אוטוו — אָנשרײַען גאָר הויך, מיט גוואַלדן. אָנפּילדערן מיט באַנומענע קולות. אָ, אויף די קינדער, אויף דער דינסט. אָ, פֿון די גרויסע ווייטיקן. אָ, און אויפֿוועקן די צעשראָקענע שכנים. טרוו — אָנראַבעווען. אָנגזלען. אָ, אַ פֿאַרמעגן. „די אַלע הײַזער, ברײַזער וואָס ער האָט אָנגעגוואַלדעוועט“. אויך מיט ז י ך.
אָנגוידערן זיך — אוטוו ־ער זיך אָן, זיך
.
~געגוידערט. 1. מיט אַ כּיוון אָנשטײַפֿן דעם קאָפּ, האַלדז, עס זאָל ווערן (זיך באַקומען, זיך אויסטיילן) אַ גוידער (כּדי אויסצוזען דיקער, חשובֿער, מיושבֿדיקער). אָ, זיך און זיך

פֿאָטאָאָנג׳ליען זיך

גראַפֿירן. „דער ראַבײַ... האָט טרוקן אָפּגעהוסט און דער האַלדז בײַ אים האָט זיך אָנגעגוידערט,„ פּנחס נאָלדהאַר, דערציילונגען פֿון אויסטראַליע, מעלבורן 1939. 2. זיך אָנבלאָזן. זיך האַלטן גרויס. זיך פֿירן שטײַף. זיך אָ, ווי אָן אויפֿגעקומענער גבֿיר. זיך אָ, און שפּילן דעם יאַ־טעבע־דאַם. אָ, זיך ווי אַן אינדיק.

3. ווערן דיק. צונעמען וואָג. "די מאַדאַם האָט זיך לעצטנס אָנגעגוידערט. זי האָט געקראָגן אַ דרײַגאָרנדיקע גאָמבע". 4. זיך בּאַליידיקן. ווערן בּרוגז. אָ, זיך אויף דער שנור.
אָנגוליען זיך — אוטוו ־ליע זיך אָן, זיך ,...,
גע.
גוליעט. זיך אָנשיכּורן. זיך אַזוי אָ, מע זאָל ניט וויסן וואו מען איז אויף דער וועלט.
אָנגוס — דער, ־ן. 1. דזוו אָנגאָס ←. 2. מין
עפּל. ווײַסער אָ'. 3. פּטירה? מאַכן אָ, = שטאַרבּן? אבֿק.

-.
אָנגוסיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין גוף;
איז אָן אַ גוף. אָ'ער קאָפּ פֿון אַ סטאַטוע. אָ'ער גײַסט. „אַ שטערן קומט צום בּרונעם, בּײַנאַכט, אַזוי צו גאַסט און אַ ליד, אָ', צונעם זינגער„,
יעקבֿ פֿרידמאַן, ליבּשאַפֿט, ת"אָ 1967.
אָנגורט — דער, ־ן. 1. גאַרטל (מיט
בּאַפּוצונגען). עפּעס מיט וואָס מע בּינדט, מע נע ט אַרום די לענדן. „דער אָ אַרום זײַנע לענדן איז
,

אייטל פֿערל,,, באַש. 2. ספּעצ גאַרטל פֿאַר
קריגסלײַט. גאַרטל וואָס האָט געוויזן דעם
ראַנג (שטאַם, חשובֿע גרופּע אע). ,,און זיי
האָבן זיך אײַנגעזאַמלט פֿון איטלעכן וואָס גורט
אָן אַן אָ, און העכער", תּי, מלכים בּ, ג, 21.
־ונג — ,,דערפֿאַר וועט זײַן אַן אָ, פֿון איין
זאַק אויף אַלע זייערע לענדן,,, ישעיה, פֿירוש
עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג 1877.
אָנגורטן — טרוו. גורט אָן, ~געגורט. אויך:
□, גערטן, או□קר, מג. ~גאַרטן, פּר, מעג.
~גאָרטן, פּר, מג, פּאָד, בּריסק. ~גורן,
זאַמעט. □ו 1 Mhd: an—□ur. אָנגאַרטלען.
אָנטאָן, אָנבּינדן אַ גאַרטל (געניצט אַנשטאָט
אָנגאַרטלען נאָר אין פֿאַרבּינדונג מיט לענדן
און אין געהויבּענעם לשון, בּײַם סטיליזירן,
אַרכאַאיזירן) פֿאַרגאַרטלען. טוו פֿאַר 'חגר,.

.

,,און ער [אהו□] האָט זי [די שווערד] אָנגעגורט
אונטער זײַנע קליידער אויף זײַן רעכטן דיך",
תּי, שופֿטים, ג, 16. ,,און, ער האָט גירופֿן...
צו וויינן און, צו קלאָגן און, קאַלן דען קאָפּ
און, צו אַן גורטן דען זאַק", סהמ, ישעיה, כב,
12, ווילהרמרשדאָרף 1716. ,,און מיט אַ

ריטערבאַנד אים אָ, די לענדן,, פֿרוג I, נ,,י 1910.

,

,,האָט יהודה אָנגעגורט די גרויסע שווערד פֿון
זײַן אַלטן פֿײַנד,,, אַל, 'יהודה המכּבי'. [עס איז
געווען אַ מנהג, אַז תּשעה־באָבֿ פֿלעגן חדר־
ייִנגלעך אָ, זייערע לענדן מיט הילצערנע
שווערדלעך, גיין אויפֿן בית־עלמין, דאָרטן זיי צעבּרעכן
און אַרײַנשטעקן אין די קבֿרים ווי אַ רמז, אַז
אונדזער גבֿורה איז צעבּראָכן געוואָרן.]

2. [אַזוי ווי מע פֿלעגט צום גאַרטל, צום
אָנגורט, צופֿעסטיקן געווער] געבּן געווער,
בּאַוואָפֿענען. אָ אַ גאַנצע אַרמיי. ,,און אַלע
צדי,

קים וועלן אים [משיחן] קרוינען און אָ, געווער,
אויסגעקריצט מיט הייליקע שמות,,, אָפּאַ,
פּוילישע וועלדער.

3. בּאַוואָפֿענען מיט גײַסטיק געווער.
אונטערהאַלטן, שטאַרקן, צוגעבּן מוט. אָ, מיט אַ
הייסער פֿאָדערונג. אָ, מיט גבֿורה. אָ, (מיט)
קראַפֿט. ,,איך וועל אים אָ, מיט לויבּ און
שאָנהייט“, מחזור מן שלש רגלים, ח,,ש,

טשערנאָוויץ 1848. „די צוועלפֿטע בּרכה איז (אוזר ישׂראל בּגבֿורה) וואָס ער טוט אָ, די ישׂראל מיט שטאַרקייט“, ספֿר מקור הבּרכה II, מונקאַטש תּרנ„ה. „מײַן האַרץ מײַן צעקלאַפּטן גורט אָן„, הל.

4. אַרײַנבּרענגען, אַרײַנפֿירן אין אַ (גוטער) שטימונג, צושטאַנד. ״דו פֿאַרקערסט מײַן קלאָג צו אַ טאַנץ און האָסט מיך אָנגעגורט מיט שׂמחה“, תּפֿלת שחרית, פּירוש עבֿרי־טײַטש. ״און דו האָסט טאַקע מיך געהערט... און מיך אָנגעגורט מיט שׂמחה און מיט פֿרייד„. ממוס, שירה. ״צוריקגעבּראַכט די לידער אויסגעזונגענע און האָבּן דײַן דערוואַכונג אָנגעגורט„, א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבּשאַפֿט.

*אָ, די ל ע נ ד ן [די פֿאַרבּינדונג פֿון 'אזר, און 'אַזור, מיט מתנים און 'חלצים, אַ סך מאָל אין תּנך] — א) זיך מאַכן גרייט צום קאַמף. „דער צאַפּ אָבּער ווייסט ניט קיין חכמות, פֿאַרשטייט זיך ניט אויפֿן וואונק, ער גורט אָן זײַנע לענדן, טוט זיך אַ לאָז ראַפּטאָם צו אונדזער שלימזל“, ממוס ספֿר הבּהמות. ״שטייט אויף ייִדן, גורט אָן אײַערע לענדן און... לאָמיר גיין„, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „אַלע האָבּן אָנגעגורט די לענדן צו דער

פּאַרלאַמענטאַרישער שלאַכט", דוד פֿלינקער, טמז, 1964
15 XII; בּ) זיך אָנשטרענגען. זיך אָננעמען מיט
מוט. „און איך... גורט אָן מײַנע לענדן און
יאָג מיך און קני מיך און בּוק מיך און קלעטער
אינאיינעם טאַקע מיט אַחינו בּני־ישׂראל„, ממוס,
'שם און יפֿת'. „אַלע וואָס האָבּן געהאַט
אורזאַכן זיך צו שרעקן פֿאַר זײַן עקסיסטענץ,
האָבּן אָנגעגורט זייערע לענדן, און זײַנען
אַרויס פֿריִער אין געהיים און דערנאָו אין אַן

,

עפֿנטלעכער מלחמה„, יוסף מאַרגאָשעס,
עראינעדונגען....; ג) זיך נעמען צו עפּעס מיט
פֿלײַס, מיט התמדה. „איך בּין ממש געוואָרן
ווי אַ נײַע בּאַשעפֿעניש, האָבּ איך תּיכּף
אָנגעגורט מײַנע לענדן און האָבּ מחבּר געווען דאָס
ספֿר„, קה.
אָנגורטן זיך — ← דפֿוו. צום בּ1: זיך אָ,
דעם רימען מיטן שווערד. "און זיי וועלן זיך אָ,
זעק פֿון וועגן צער און אַבֿילות„, ספֿר יחזקאל,
וואַרשע תּרל„ד. צום בּ2: „האָבּן אַ פּאָר
ייִדן... זיך אָנגעגורט מיט העק און בּיקסן„,
הל, 'דער וואָלף', 1920. „האָט די מלוכה ניט
געשוויגן און האָט זיך אָנגעגורט די ל ע נ ד ן ,
די דאָזיקע געפֿערלעכע שטרעמונגען

אונטערצודריקן“, אַר, 'דער כשרער'. צו בּבֿ 3־4:
,,גורט איַך אָן שטאַרקייט, אָבֿער איר וועט
צעבּראַכן ווערן,,, ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש,
לעמבּערג 1877. ,,ער געבּיט ייִדן זאָלן אָפּטאָן

אָנגיין

פֿון זיך דעם טרויער און זיך אָ, מיט בּטחון
און פֿרייד,,, בּאַש, דער טן אין גאָרײַ. ,,זיך
אָ, מיט געדולד,,, ייִז,... קאַרנאָווסקי עניש.
אָנגורן — דזוו אָנגורטן. (זאַמעט ליטע). ,,זאָלן
אָ, די לענדן“, ימ, נײַס, 1923. ,,אָ, די לענדן“,
בּאסטאָמסקי, בּײַס קוואַל, ז, 19.
אָנגזילהן — [... גזיילען] טרוו. גזילה אָן,
~געגזילהט. אויך: ~גזילהנען, לר.
אַרײַנקריגן, דערגרייבן אַ סך דורך גזילה, אָנגזלען,
אנראבּעווען. אָ אַ פֿאַרמעגן. אָ, פֿון אָרעמע
,

און רײַכע.
אָנגזירהן — [... גזיירען] טרוו. גזירה אָן,

~געגזירהט. 1. אַרויסגעבן אַ סך גזירות. באַשווערן דורך אָפֿטע גזירות. "וואָס ניקאָלײַקע האָט אָנגעגזירהט!". 2. אַרויסגעבן אַ פֿעסטן באַשלוס, אַן ענדגילטיקן פּסק(־דין) פֿר צערט

. "

ער פֿיל מער אַז אים איז אָן גיגזרתּ וואָרדן (ראָש השנה), דאז איז זײַן שאָדן", לט1, נט/א.

אָנגזלען — [... גאַזלען] טרוו. גזל אָן, ~ געגזלט. אויך: ~גזלענען, לר. אָנקלײַבן (אַ פֿאַרמעגן) דורך באַגזלען, באַראַבעווען אַ צאָל. "אָנגנבֿענען און אָ, אַן אוצר מיט גאָלד פֿאַר זיך און קינדס־קינדער".

אַנג. אָ◌לאָגיע — די. < איי < גר. דער

,

אָפּצווײַג פֿון אַנאַטאָמיע וואָס שטודירט די בלוטגעפֿעסן ־מע — די. געשווילעכץ פֿון די

.

בלוטגעפֿעסן. "וויכטיקער זײַנען די פֿלעקן וועלכע ליגן ניט אין דער הויט גופֿא נאָר איבער איר. דאָס זײַנען די אַזוי־גערופֿענע אַ'מען, ד"ה פֿאַרברייטערטע בלוטגעפֿעסן" פֿגעז,

,

ווילנע 17 1932, No. אַ'מאַטיש — אַדי.

אַ'נעווראָז — דער. נעווראָז וואָס

באַפֿאַלט אין ערשטער ריי די בלוטגעפֿעסן. „ס'איז קלאָר אַז די מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער פֿאַמיליע ליַידן אויף אַ', ד„ה אויף אַ געוויסער שוואַכקייט פֿון די נערוון, וואָס באַזאָרגן די בלוטגעפֿעס פֿון דער הויט“, פֿגעז, ווילנע 1930, .No 5

אַ'ספּערס — דער. געוויקס וואָס זיַינע זאָמען זיַינען אין אַן אָוואַריע (.., ב2, ז, 5).

־יש — אַדי.

אָנגיי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנגיין. ← אָנגאַנג. אַן אָ, פֿון אַ סך מענטשן.

אָנגיין — אוטוו. גיי אָן, ב י ן ,געגאַנגען. אויך: ~געגאַן, ~געגאַנען, פּר. 1. אָנקומען צו פֿוס און אָנזאַמלען זיך. “די טירן זיַינען געווען אָפֿן און עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער עולם ניַיגעריקע„. 2. אָנקומען אומגעריכט, פֿלוצעם זיך באַוויַיזן. אָ, אינמיטן דערינען. אָ, בעתן גאַנצן טאַראַראַם. אָ, אויף דער הייסער מינוט. אָ, אויף יענעמס רייד. „היט זיך, די באַן גייט אָן“. „עס איז אָנגעגאַנגען אַ צוג און דער שלאַגבוים איז געווען פֿאַרמאַכט„, ה. דאָבין, סאָוו, היימלאַנד, 3 .2 1961, No. (אָן אַ כיוון) זיך אָנשטויסן; אַרויפֿגיין אויף עמעצן. אָ, אויף עמעצן און אָנטרעטן יענעם דעם פֿוס. אָ,

אויפֿן סלופּ.

אָנגיין

4. אַרײַנגיין. אַרײַנדרינגען. אין די שיך גייט אָן וואַסער. אין די טראַנשייען גייט אָן וואַסער. „דעק צו דעם עמער, ס'וועט אָ, שטויב“.
5. ביסלעכווײַז אָנקלײַבן זיך (דורך גיין). צונויפֿקומען זיך. „דער שניי איז איבערנאַכט אָנגעגאַנגען ביז צו די פֿענצטער“. „ס'וועלן אָ, אַ סך מענטשן און דער זאַל וועט ווערן אָנגעפֿאַקט“.
6. זײַן שייך צו עפּעס (עמעצן). נוגע זײַן עמעצן. אָנגעהערן זיך. דער ענין (די זאַך, דער שמועס, דער סכסוך אע) גייט מיר (ניט) אַן. אָפּטער מיט נ י ט. “קהלס זאַך גייט אַ יחיד ניקס אָן“ [אַזוי זאָגן אויטאָקראַטישע פּרנסים], טענדלאַו, 225. “איינער וואָלט אויס ריכטן הן יחיד או רבים... מסירה שרײַבן. עשׂ זייא עשׂ גיט אין אַן אודר עשׂ גיט אין ניט אַן“, תּקק. “הקבּ“ה אויך (מזהיר) איז אויף דען כּבֿוד וואשׂ דען לײַטן אַן גיט“, מחזור שלש רגליס, אַמשט 1713, רח/ב. “דען די ערשטי פֿיר דבּרות גינן אליניג גאָטשׂ כּבֿוד אַן“, לט 1, קנא/ב. “וואָס

געלט זאַכן אבּר כּבֿוד אַן גיט, זאָלשׂטו דײַן
חבֿר, ווען ער דיר וואשׂ טוט, שווײַגן", עיון,
מא/ב. "די ענינים וואשׂ גייט נאָר אָן דעם
מענטשנס גוף אַליין", חה 344. „אוך יום כּפּור
זאָגט מן קיין זולת ווען שון דער טעם גיט
דא ניט אַן„, ס□ר חסידים, תקז? תּקע"ז? „דער
ערשטער טעם קען ניט אָ'", בּיר, ייִדישקייט און
ידדיש, 30□1.

7. אַרן, קימערן, אינטערעסירן. אָפּטער מיט
נ י ט. „וואָס גייט עס אײַך אָן מער פֿון
אַלעמען?". „עס גייט מיך אָן ווי דער פֿאַראַיאָריקער
שניי, ווי דער רויך □ון קוימען, וו אַ ווײַטער
י
ווינט" פֿוול. „עס גייט מיר ניט אָן אין דער
,
לינקער פּאה (פּיאַטע)", פֿוול. די גאַנצע וועלט
גייט מיר (דיר אאַזוו) (ניט) אָן. "עס גייט מיר
ניט אָן וואו איך זיץ". „זײַא דיך מטריח פֿון
דאשׂ קהל וועגן, ניט שפּרעך איך בּין דאָך ניט
(ראָש הקהל) וואשׂ גיט עשׂ מיך אַן", לט 1, נב/ב.
"איך בּין דאָך נאָר אַ משרת. — וואָס גייט מיך
אָן וואָס דער בּעל־הבּית טראַכט?", עט,
סערקעלע. □—. קריסטוס אַ ייִד? ניין, ניין, ניין! זײַן

טאַטע איז דאָך געווען גאָט אַליין! — נו, זײַן טאַטע גייט מיך ניט אָן, וואָס וועסטו אָבֿער מיט דער מאַמען טאָן?״, אבֿג, דער יוד אין קועבֿ, [הש I]. „אוי, וואָס גייט זי מיך אָן, די שיינע נאַטור מיט איר חן? פֿאַר אַנדערע איז זי גוט און שיין, ניט פֿאַר אונדז ייִדן״, ממוס, 'נשׂרפֿים'. ״יענע צוויי חבֿרה־לײַט... זײַנען קבּצנישע קינדער... וועמען זענען זיי אָנגעגאַנגען?״, שע, 'וויגרישנע בּילעט'. „די מאַמע איז אים אָנגעגאַנגען. פֿאַרן פֿאָטער האָט אים ניט

▯

געאַרט״, אַש, גראָטמאַן און זון.

8. אָנקומען. מקוים ווערן (וועגן אַ בּרכה, קללה). וואָס איך ווינטש איר זאָל אָ, מיר. זאָל אים אָ, כאָטש אַ האַלבֿ (העלפֿט). „זאָל אים כאָטש אָ אַ צענט־חלק וואָס איך ווינטש אים״.

,

„זאָל זיי בּיידן אָ, אַ גאַנצע וואָך וואָס איינער ווינטשט דעם צווייטן אין דעם מאַרקטאָג״. „זאָל איין פֿלוכין אַן גיין, ווײַל ער זיך אַזו שטאַרק

האָט... טועה גווען,„ משה אײַזענשטאַט [איבֿז],

דרך הישר לאבֿן בוחן, אָרט? 1746. „אין אוטשאַסטאָק ווערט ער געשלעפּט... כּמעט אַלע צוויי וואָכן און האָט פֿון די גוייִם — עס מעג זיי אָ, כאָטש האַלבֿ“, שע פֿון צוויי וועלטן. “דא

,

בין איך אויף מיר מקבל: כּל הארורים ואלות שבּתורה זאָלן מיך אַן גין אונ, אויף מיך קומן, ווען איך...“, 'תּקנות חכמי ומנהיגי פּראג', שע“ב [רשומות, תרפּ“ו פֿון דער 'קבּלה, וואָס

.

מנויים פֿון פּראָגער קהילה פֿלעגן דאַרפֿן נעמען אויף זיך ווי אַ שבֿועה בײַם איבּערנעמען אַן אַמט].

9. אַרײַנפּאַסן זיך פֿאַררעכנט ווערן.

אָנגע.

נומען ווערן. עס קען ניט אָ'. עס גייט אָן פֿאַר גוט געלט. דער נמשל גייט גרײַלעך אָן. “דאשׂ בּײַא שפּיל גיט זיכר אַן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. “אַ צאָל אײַנגעהיימישטע ענגלישע ווערטער און נאָכגעענגלישטע ייִדישע ווערטער קענען אַ, אין דער קאָרעקטער שפּראַך„, מוו, ייִשפּ I, 41. “ער איז אָנגעגאַנגען זײַנע קריסטלעכע חבֿרים ווי אַ ייִנגל פֿון פֿרומע קאַטוילישע עלטערן„, ש. קאטשערגינסקי, ייִדישע אויגן.

10. גילטן. האָבן אַן אָפּגאַנג. אַזאַ מטבע גייט (ניט) אָן. אַזוינס קען מער ניט אָ'. אַזעלכע קונצן (חכמות, שטוקעס) גייען בײַ מיר ניט אָן. אַזוינס גייט דאָ ניט אַן. די סחורה גייט אָן = זי פֿאַרקויפֿט זיך גוט. "... דא אַן גיט דײַן שבֿח, דו תּלמיד חכם", סהמ, תּהלים, מה, 2. "ווען איר וועט קומן חשבון אפּ צו געבן דען דא גיט קיין אויש רייד ניט אַן", עח, ה, 1. "בײַ יעקבֿ גייט קיין צויבער ניט אָן, האָט מיט כּישוף־מאַכער ניט צו טאָן", ממוס, זמירות. „מיט דעם נײַעם סאָרט מגיד, האָט ער אַבער געפֿילט ועלן אַזוינע קונצן ניט אָ'", אַר, 'דער אַלטער מגיד'. „זײַן תּורה איז קיין סחורה, זײַן חכמה איז אייטל, זײַן דעה איז קיין מטבע, זי גייט ניט אָן", פּ. א. ר., דער אָרעמאַנן, וואַרשע 1879. „און קיין שוחד דאָרטן גייט אויך ניט אָן, דאָרטן דאַרף מען קיין פּאַרמאָג", ה. קליבאַנאָוו, די בלודנע פֿייגיל, ווילנע 1908.

11. אײַנגעבן זיך. ברענגען רעזולטאַטן. ער מיינט, ס'וועט אים נאָך אָ'. דאָס וועט קיינמאָל ניט אָ'. "דער האַנדיל גיט פֿר וואָר ניט אָן, איר מוזט אײַך אין זין נעמין הלטין און, טאָן, זונשט וועט דר גאַנציר עסק חס ושלום ניקש", ר, יהודה ליבֿ בר, משה זעליחאָ□ר, שירי יהודה,

אמשט 1697. ״די מלאָכה איז געשיקט פֿון הש״י אַז ער זאָל פֿון איר געשפּײַזט ווערן און אַז די מלאָכה וועט ניט אָ, קאָן אים הש״י שפּײַזן דורך אַן אַנדער זאַך״, חה, 341. „אין יענער צײַט איז בטחון נאָך ווי עס איז אָנגעגאַנגען, אָבער הײַנט ווערט מען דערמיט פֿאַרשוואַרצט״, ממוס, קליאַטשע.

12. באַגיין זיך. באַנעמען זיך. אויפֿפֿירן זיך. אָ, גראָב. אָ, שיין. „ווי דער ייִד האָט דאָס דערהערט, דאָ איז ער שיין אָנגעגאַנגען״ פֿמ.

,

״גראָב אָנגעגאַנגען? איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו וואַרטן״, בימקאָ, גנבֿים. *אָ, אויף כּוח = ניצן כּוח, ניצן געווער.

אָנגיין

13. ציִען זיך אַ לענגערע צײַט, געדויערן. אָנהאַלטן פֿאָרקומען, געשען. אַזאַ מאָדע גייט

.

שוין לאַנג אָן. עס גייען אָן רדיפֿות אויף ייִדן. „קצת מהם האבין מעיד גיוועזין וואשׂ אין האָלאַנט אַן גיט וקצת וואשׂ הכּלל אהן גיט,„ כּ„י ווענן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III].

"זיבן יאָר צײַט איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען
דער דאָזיקער קריג,,, בצג, טמז, 1965 II 19.
,,און אַזוי וועט די דאָזיקע פּאָרשונג אַוודאי אָ,
ביז אין די ווײַטע אָפּגערוקטע דורות", ייִש,
פֿון אונדזער אוצר. "געהיימע געשפּרעכן זײַנען
אָנגעגאַנגען צווישן ישׂראל און אַראַבער צו
לייזן די פּליטים־פּראַגע,,, צ'.
14. אַמ. ממשיך זײַן. ווײַטער טאָן,
קאָנטינואירן. אָ, מיט דער אַרבעט. אָ, מיטן פּלאַן.
די פּרעסאַרניע גייט אָן. "דאָס ריכטיקע לעבן
איז אָנגעגאַנגען אויפֿן טײַך, וואו די שיִ לעך
האָבן זיך געטראָגן", ל. קאָברין איבז,
מאָפּאסאַן II, נ"י 1914. "[ער] איז אַ צו גרויסער
און טיפֿער שרײַבער, אַז ער זאָל קאָנען
קינסטלעריש לאַנג און געדויערדיק אָ, מיטן שקר",
ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I. ,,וואָס קאָן
אַ ייִדישן לייענער אינטערעסירן (איך האָב
געוואָלט שרײַבן: וואָס קאָן עס אים אָ,
[בז7], אָבער 'אָנגיין, האָט אין אַמעריקאַנישן
ייִדיש אַן אַנדער טײַטש...: אָ, מיט דער
טעטיקייט, וכדומה)", צײַט, טמז, 26 1965 II. "איך
ווייס ניט ווי אָנצוגיין מיט מײַן לעבן ווײַטער",
הל, אין טרעבלינקע.... ".— מײַנע פֿרײַנדע,
איז דער לעקטשורער אָנגעגאַנגען מיט זײַן

לעקציע איבּער קרימינאָלאָגיע", נאַד, זעקס בּוכער.

15. אַרכ. בּאַפֿאַלן, אַרומכאַפּן, אָנכאַפּן. „און, ריד צו זיא אַלז וואשׂ איך גיבּיט דיר לאָז דיר קיין אַנגשׂט אַן גין...", שעריר, א, 17. „אַז גינג פֿאַר איין קיסר אודר פֿר איין מלך — ווי ווערט אים איין (מורא) אַן גין און, איין ציטרניס„, לט1, ז/ב. „וויא איך דען בּריף גילייאט האבּ איזט מיר חלשות [אין אַן אַנדער שטעל: חולשה] אַן גנגין„, גה, 233. געבּליבּן אויך שפּעטער: *עס גייט אָן אַ ח ל ש ו ת = עס עקלט, עס ווערט ניט־גוט. „עס גייט אָן אַ חלשות זיך צוקוקנדיק צו...". עס גייט אָן אַ מ י ג ל , אַן ע ק ל , אַ נ ו ד נ אָ ט ע אע. *ס'גייט (נאָך) אָן אַ געלעכטער = ער קען נאָך לאַכן, זיך פֿרייען.

16. פּד. אַנשטאָט אָפּגיין, אָפּקומען. "זאָל ער נישט מיינען אַז ר'האָט שוין אויסגעפֿירט ס'זינקע, סע וועט אים אַזוי גלאַטיק נישט אָן"".

17. פּד. איבּערנעמען אויפֿן פֿריז. בּאַרײַסן, אָפּנאַרן. "בּײַ מיר ווילסטו אָן?"", „ר'האָט ליבּ אָנצוגיין, גראָבּ אָן"" = אַ סך פֿאַרדינען.

18. ארכ. אָנכאַפּן זיך, אָנצינדן זיך. „ועלכשׂ

בײַ דעם אום פֿר שטענדיג פֿאַלק אַלשׂ איין פֿלאַקס בײַ דען פֿײַאר באַלד אַן גיט און פֿר ברענט“, משה אײַזענשטאַט [איבז], דרך הישר לאַבן בוחן, אָרט? 1746.

19. אַרכ. גיין פֿאָרויס. „בײַ יהושע וואַר

אָנגיין זיך

קיין וואָלקין, דרום מוזט דר אָרון פֿאַר אַן גין„,
סהמ, יהושע, ג, 6.

אָנגיין זיך — ← דפֿוו. 1. אַ סך גיין. גיין ביזן ווערן מיד, פֿאַרמאַטערט. „בין איך זיך הײַנט אָנגעגאַנגען!“. אָ, זיך און אַוועקפֿאַלן ווי אַ סנאָפּ. זיך אָ, וואונדן אויף די פֿיס. „נאָך אַזוי פֿיל מי און אָ, זיך אַזאַ וועג פלוצעם אומקערן זיך!“, ממום, מטעות. „ער איז זיך שוין אָנגעגאַנגען אפֿשר זעקס מײַל צו פֿוס„, ב. בעקערמאַנן, דער יודישער שפּיעגעל [זב], וואַרשע 1895.

2. צונויפֿקומען זיך. צונויפֿזאַמלען זיך. „צו דער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג זײַנען זיך אָנגעגאַנגען מענטשן פֿון דער גאַנצער שטאָט„.

3. דזוו דפֿוו, ב 15. „נײַע קלאַונען — דער צירק זאָל אינטערעסאַנטער ווערן, באַווײַזן זיך

נישט און פֿאַר דער פּאָליטיק גייט זיך אָן די
גרינע גאַל", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
"ס'איז זיך אָנגעגאַנגען אַ חלשות און אַ
ברעכונג", בימקאָ. „ער גאַווערט מיט גאווה אַז עס
גייט זיך אָן אַ חלשות", פֿוול.

—אונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע) — אויך דזוו איינגייער. "[ער] איז
געווען ביי מיר אין שטוב אַן אָ',„ י. ל.
בינשטאָק, בייא ר, שלמה בערלינער, לוואָוו 1896.
־עריי.

אָנגייסטיק — אַדי. וואָס איז אָן גייסט.

--

פֿלאַך. פּוסט. אָן אינהאַלט. אָ'ע רעדע. אָ'ער
אַרטיקל, עסיי פֿון גאַס קוקט אַריין אין

„ .

פֿענצטער מיט אירע אָ'ע אויגן די ל בטיקע,
אויסגעלבֿנהטע נאַכט", איבז, מ. גאָרקי, די
מוטער, מאָסקווע 1931. —יקייט.

אַנגינע — די, ־ס. < איי < ל. (פּאַטאָלאָגיע)
האַלדז אָנצינדונג. „דאָס רובֿ קומט די אַ, פֿון

-

אנשטעקונג מיט פֿאַרשיידענע באַקטעריעס...

מיר האַלטן די אַ, פֿאַר אַ קלעפּיקער קראַנקייט“,
פֿגעז, ווילנע 11 1923, No. „די קראַנקע און אַלע
אַרום... דאַרף מען איבערשרעקן. מע דאַרף
מאַכן פֿון בויכווייטיק אַ טיפּוס פֿון אַ
פשו... ,
טער אַ, — אַסכּרה [דיפֿטעריט],,, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען.
אַנגינאַ פּע'קטאָריס — 'ענגשאַפּט אין
ברוסטקאַסטן'. „שווערע ברוסטווייטיק מחמת
ניט־גענוגנדיקן בלוט־צופֿלוס צום האַרצן דורך
די קרוין־אַרטעריעס — קאָראָנעריס,,, דר, י.
גלען, צו געזונט און צו לעבן, נ“י 1967.
אָנגינען — אַרכ. פּרעטעריט פֿון אָנגיין. דזוו
זײַנען אָנגעגאַנגען. „די ערשטי פֿיר דברות
גינן אליײניג גאטש כּבוד אַן“, לט1, קנא/ב.
אָנגיס — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנגיסן. ←
אָנגאָס. „וואָס פֿאַר אַן אָ, אויפֿן דיל?“.
אָנגיסן — טרוו. גיס אָן, ~געגאָסן. 1. גיסן
אין אַ כּלי (אָדער אָנפֿילן אַ כּלי מיט)

פֿליסיקייט. אָ, אַ גלאָז טיי, אַ טעלער זופּ. אָ, אַן עמער וואַסער. אָ, אַ לחיים. „זא וויל איך איין זוייפֿא אַן גישׂן‟, 'שו„ת מהרי וייל', ווענעציע 1549 [הש I]. „דער בעל־הבית זעלבסט זאָל דעם כּוס אַליין אָ, צום בענטשן מיט אַזו אַ ווײַן
י

1447

וואָס איז ניט פּגום‟, לט2, נג/ב. „אין דער כּלי וואָס מע שווענקט איבער דעם פֿלייש נאָך דאָס זאַלצן זאָל מען נישט אַרײַנטאָן פֿריִער דאָס פֿלייש אין דער כּלי נאָר פֿריִער וואַסער אָ‟, הרבֿ מ. טייטלבוים דק‟ק איהעל, ספֿר מעין טהור. „וואָס מע גיסט אָן אַ פֿרײַנד (צווייטן) טרינקט מען אויס אַליין„, שוו. „איך... פֿיל אָן מײַן בײַטל מיט טייטלען און גיס אָן מײַן קרוג פֿול מיט וואַסער‟, איין שיינע מע ה [צענטורע ווענטורע], זשיטאָמיר 1862. ‟... האָט זי ווײַטער גערעדט אָ'דיק אַ גלעזל שפּירט„,

גבֿריאל רובין, אויס דאָלהינובֿ, די שיינע מער דערין, ווילנע 1889. אָ דעם האַלדז, די קישקע = פֿרעסן. אָ, דעם האַלדז, דעם לאָמפּ = שיכּורן.

"... צו האָדעווען און אָנצוגיסן די העלדזער פֿון קהלשע פּרעסערס און זויפֿערס", ייִפֿאָל, No '1882 44.

2. אַ סך גיסן, אַרײַנגיסן אין אַ צאָל. אָ אַלע,

פֿלעשער מיט ווײַן און זיי פֿאַרקאָרקעווען.

,,מיר מוזן זיך אַ ביסל אײַלן, הייבט אָן אָנצוגיסן די רעון! מיר טאָר, מיר זיך נישט מער פֿאַרווײַלן, מע מוז פֿאַר שבת פֿאַרטיק ווערן", עט, לידער. "דאָס יעמערלעכע קול און דאָס געוויין, ווער קען דען דערבײַ דערשטיין, טאַקע צוויי ווערטער פֿון חצות צוצוהערן גיסט מען אָן פּילע טאַכער מיט טרערן,,, טעיאַטאָר

3. אויסגיסן, פֿאַרגיסן און נאַס מאַכן (ברודיק מאַכן). אָ, אויף דער פּאָדלאָגע. אָ, זופּ אויף דעם טישטעך.

4. מאַכן פֿול. אָנשטאָפּן פּיג מיט פֿאַרשיי.

דענע קאַנאָטאַציעס. דער שטורעם־רעגן האָט אָנגעגאָסן די טײַכן. ס'האָט אָנגעגאָסן ווי מיט צעבערס. *אָ, די בריסטן = זען אַז עס זאָל זײַן גענוג מילך צו שטילן אַ קינד. *אָ, מיט שמאַלץ, מיט גאָלד = שטאָפּן, קאָרמען מיט

דערנערנדיקע שפּײַזן. *אָ, דעם אײַטער, די בײַטל, די
טאָרבּע = וואול, מאַכן שוואַנגער. „קינדערלעך,
קיין עין־הרע. איינע אין איינע. ניט קיין
וואונדער, מע גיסט זיי אָן מיט גאָלד“. “[וואָרצלען]
גיסן די נאַכט אָן מיט הייסן געצאַפּל„, הל,
בּלאַט... עפּלבּוים. „ער האָט גענוג צײַט...
ער קאָן זי אָ, מיט חלומות בּיז איבּער די
בּרעגעס“, צײַט, 'די תּליה'. “די זון... גיסט אָן די
וועלט מיט אַזאַ מין ליכטיקער שײַן„, א.
האָלאָווקא, איבּז, פּראָלאָג, קיִעוו 1935. 5.
שטאַרבּן? אבק. 6. (איידל) אַנשטאָט: אָנפּישן,
ס'קינדעלע האָט אָנגעגאָסן.
אָנגיסן זיך — אוטוו. ← דפֿוו 1 פֿון זיך

.

ווערן פֿול. אָנגעפֿילט. די גריבּער גיסן זיך אָן
מיט וואַסער פּיג. „עס גיסן זיך די עמער אָן
—.
מיט שבּתדיקן תּהילים„, פּמ, בּרידער. „עס
גיסט זיך אָן אין ווײַנטרויבּן דער רום פֿון דיר,
מײַן היים אוזבּעקיסטאַנער„, י. איצקאָוו, סאָװ,
היימלאַנד, 1 2)19' No.
2. ווערן פֿול מיט עפּעס. בּאַקומען אַן אַנדער
פֿאָרעם, אויסדרוק. דאָס האַרץ גיסט זיך אָן מיט
צאָרן, בּאַגײַסטערונג, רחמנות אאַזוו. דער מוח

גיסט זיך אָן מיט ליכט. „די אויגן גיסן זיך
אָן בײַ זיי מיט בלוט פֿאַר כּעס, שוים לויפֿט

אַנגל

בײַ זיי פֿון מויל“, אַ רעדע אויף פּורים, ווילנע
1897. „ביילקעס גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבּן
זיך אָנגעגאָסן מיט חשד, אַזש בּיז די בּרעגן“,
פּײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, כאַרקאָוו
1932. „בּיסלעבווײַז זײַנען די שאָטנס דיקער
געוואָרן, אָנגעגאָסן זיך מיט בּלוט„, זש, טמז,
17 1963 X. „זײַן אונטערשטע ליפּ לאָזט זיך
אַראָפּ, גיסט זיך אָן, ווי אַ בּלײַענע“, בּערג
בּ.ס דניעפּער II.
3. ווערן צײַטיק; רײַף. געראָטן. „דער
גערשטן האָט זיך דאָ ממש פֿאַר אַלעמען אין די
אויגן אָנגעגאָסן און צײַטיק געוואָרן“, ע. איזראַ,
פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928. “עס גיסט
זיך שוין אָן דער קאָרן. מע קאָסעט שוין דאָס
היי“, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע I, אַדעס 1931. פֿיג. „בּײַ אים זײַנען געוויס
געוועוען אויך צײַטן פֿון קנאָספּן פֿון בּליִען,

,

פֿון אָ, זיך מיט זאַפֿט און ציִען זיך צו דער

זון“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I .
4. ווערן דיק, פֿעט. צונעמען וואָג. אָ, זיך נאָך דער קראַנקייט. אָ, זיך וו אַ פֿאַס און זיך
 י
ניט קענען רירן פֿון אָרט. 5. אָנשיכּורן זיך. ”האָט זיך אָנגעגאָסן ווי אַ פּיאַניצע און געוומען מאַכן גוואַלדן“.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער — דער,
־ס. ספּעצ (מצה־פֿאָדריאַד) דער ויאָס גיסט אַרײַן דאָס וואַסער בײַם פֿאַרמישן מעל בעתן באַקן מצות. ־ערין, ־ערקע. ־ערײַ.
אָנגיפּסירן — טרוו. ־סיר אָן, ~גיפּסירט. פּפֿ.
...,,גיפּסעווען. 1. פֿאַרגיפּסירן אַ צאָל. אָ, דורכן טאָג 5 צעבראָכענע פֿיס. 2. אָנפֿעסטיקן, צופֿעסטיקן פֿאַרפֿעסטיקן מיט גיפּס. אָ,
.
די אָפּגעבראָכענע קעפּ פֿון די סטאַטועס, ביוסטן. 3. אָנפֿילן מיט גיפּס. אָ, דעם דענטיסטישן מכשיר אַראָפּצונעמען אַן אָפּדרוק פֿון די ציין. 4. וואוילינגעריש. אָנשלאָגן. אָנברעכן די ביינער. ,,כ'האָב אים גוט אָנגיפּסירט“. ־ונג.
אַנגל — דער & די, ־ען. 1 e ן]Mhd: a.

1. האַטשיק (פֿון ווענטקע). ווענטקע, ווענדע, אודע ‏.. טוו פֿאַר 'חכּה'. אבֿ, שמות דבֿרים, איזנע 1542 פֿאַרטײַטשט 'חכּה, — ,,אַנגיל‘‘; באר משה פֿאַרטײַטשט 'בּחכּה, (חבֿקוק, א, 15): ,,מיט דער אַנגיל‘‘; מלל פֿאַרטײַטשט 'תּמשיך לויתן בּחכּה, (איובֿ, מ, 25): ,,אַנגיל,.. ,,און, נעמט איין וואָרים און מאַכט אים פֿאשׂט אַן

,

איין אַנגיל און, טוט דען אַנגיל אין ים, קומט איין פֿיש און וויל דען וואָרים אין שלוקין און, ווערט דער דורך גפֿאנגן‘‘, מהמ אַמשט 1722, יח, 1. ‘‘וואָס אַן אַ, פֿאַר פֿיש איז חניפֿה פֿאַר מלכים‘‘, שוו ,,איין גרויסע אַ', דאָס מען די גרויסע פֿיש טוט דערמיט פֿאַנגען‘‘, צור,

הפֿטרת וארא. ,,עס כאַפּט וואויל די אַ, אַ פֿיש נאָך אַ פֿיש,,, פּרץ, 'מאָניש,. ,,קוים פֿאַרבלוטיקט אַ צאַפּלדיקער פֿיש אויף מײַן אַ', וואַרף איך אים צוריק אין וואַסער אַרײַן‘‘, נאד, זעקס בּיכער. ,,און בּלויז אַ לבֿנה־שטראַל פֿאַלט ווי א ווענדע, סאַרשפּרינגט אויף צוריק מיט

-

-

אַ טרער אויסן אַ'„, סוצ, געהיימשטאָט.

אַ▯גל

2. בכלל האַטשיק, האָקן. העקעלע פֿאַרשפּיליע

„ ·

דעם אַ, פֿון מאַנטל. ס'איז קאַלט אינדרויסן„.

3. זאַוויעסע. מלל פֿאַרטײַטשט 'הדלת תסובֿ על צירה, (משלי, כו, 14): "דער אַנגיל" [לקח טובֿ און תּי — "די טיר דרייט זיך שוין אויף איר אַ'"]; שונבּ פֿאַרטײַטשט 'ציר, ט. ציר הדלת, — „אַנגיל פֿון דער טיהר". "צווישן טיר

און אַ, זאָל מען קיין ▯ינגער ניט אַרײַנשטעקן", שוו. "צווישן טויר און, אַנגיל ווער זיך ליגט מיט גיוואַלט. אַזו זאָגן דיא אַלטן, דער קלעמט זיך גאַר בּאַלד", שמואל־בּוך, סטראָפּע 1489. "(הדלת תסובֿ על צירה) גלײַך אַז איין טיר דיא ווערט אום גיקארט אויף דער אַ, הין און, הער", סהמ, משלי, כו, 14, לובּלין שפ"ו. „און,

איך וויל דיר ווײַזן וויא דער מוכסן אין גיהנם
זיצט אונ, ד אַנגיל פֿון דער טיר דאז גיהנם
ָ
דיא גיט אים אויף אונ, צו אין זײַנם אור״,
מבֿ, מעשׂה פֿח. ״טייל לײַט זײַנן עז מתיר [אום
שבּ] די טיר אויז צו היבֿן אויז דר אַנגיל״,
לט1, עח/א. ״די אַ, צעסקריפּעט זיך הייזריק
און בּייז, אַזו אַז פֿאַרציטערט בלײַבּט ס'גאַנצע
ָ
געהייז!״, אול, דער בּאָבּעס אוצר. אַ'־מ ו ט ע ר
— מוטערקע. מלל פֿאַרטײַטשט 'והפּותות
לדלתות הבּית, (מלכים א, ז, 50): ״אַנגל מוטר״
[תּי: ״די געלענקען פֿאַר די טירן,,]; שווב
פֿאַרטײַטשט 'פּות[ה] א. אם הציר, — ״אַנגיל מוטר״.
4. רינג. צוים. אויך געלענק פֿון קינבּאַק;
געבּיס. מלל, בּאר משה פֿאַרטײַטשן 'ונתתּי
חחים בּלחייך, (יחזקאל, לח, 4): ,,אַנגיל אין
דײַנע בּקין — אודר רינג״; ע)בּ פֿאַרטײַטשט
'צירים, — ,,אַנגלין״. ״דאָס מויל איז אים
געוועז אַזוי ענג פֿאַרקלאַמערט, אַז מ'האָט מיט
קיינע כּחות אים די אַ'ען ניט געקאָנט
אויפֿרײַסן,,, נס, 'העשל אַנשעלעס'. ,,דאָס מויל מיט
ד אַ'ען״, נס, משפּחה מאַשבּער. ,,בּײַ טשאַרלין
ָ

אַרבעטן ד אַ'ען און די שלייפֿן צוקן
נאָכי
אַנאַנד", הר, ליים פֿיג. אַן אַ, אין אַ קייט
גע.
שעענישן.
5. שטאָך. גיפֿטיקער שטאָך. "דען איין שפּין גבישׂן היט, דער נעם איין וליגא [= פֿליג] אונ, ליגא זיא אויף דען בישׂא [= בי], זא גיט דער אַנגיל אין דיא וליגא", כּ,,י 'ספֿר הרפֿואות,, 1474 [דוקא, No 17].
6. אַאיר, ראָר. וואַסעררי טל. בּאר משה פֿאַרטײַטשט 'כּאַגמון, (ישעיה נח, 5): "איז איין אַנגיל" [תּי: ,,וואַסעררי טל"]; לקח טובֿ פֿאָרטײַטשט 'חכּה, און 'אַגמון, (איובֿ, מ, 25, 26): "אַנגיל,, [תּי 'התשׂים אַגמן בּאַפּו ובֿחוח תּקבֿ לחיו, — "קענסטו אַרײַנטאָן אַ ראָר אין זײַן נאָז].
7. געבּורטווייען. [איבּער דער צווייטײַטשיקייט פֿונעם וואָרט 'ציר']. 'כּי נהפֿכו עליה צריה, (שמואל א, ד, 19): "וואָרום עס איז וואָרן פֿאַר קערט אויף אירע אַנגלין", 'פֿירוש עבֿרי טײַטש על כּל הנ"ך', מקראות גדולות, איבּערדרוק פּיעטריקאָוו תּרס"ט [תּי: ,,אירע ווייען"].

,,... און, עשׂ וועט קומן די צײַט דשׂ איך ווער
זעלן גווינן דא זאָלן ניט ווערן פֿר קערט אויף
מיר די אַנגלין און, דשׂ קינד זאָל אין איין

3

אויגנבליק גין אויף דר וועלט גרינג,,, מענה
לשון אויף טײַטש פֿיורדא תּקכ"ז.

,
אַנגלאָ אַמעריקאַנ ער — דער, מצ ווי אצ.
-

ונ ־ין, ־ס. אַמעריקאַנער וואָס שטאַמט פֿון
ענגלאַנד, פֿון אַן ענגלישער משפּחה. —יש —
אַדי.
אַנגלאָזאַ'קס — דער, ־ן. אויך:
אַנגלאָסאַקס. 1. ווער עס שטאַמט אָפּ פֿון די
גערמאַנישע שבֿטים די אַנגלען, און די זאַקסן. אַן
,

ענגלענדער ביז צו דער נאָרמאַנישער אינוואַזיע.
2. ענגלענדער בכלל. 3. פּערזאָן פֿון

בּריטישן אָפּשטאַם אין אַ קאָלאָניע. אויך: אַן אַמעריקאַנער פֿון ריינעם בּריטישן אָפּשטאַם.
—יש — דאָס & אַדי. ענגליש. פּשוט ריין ענגליש.

אָנגלאַזירן — טרוו ־זיר אָן, ,(גע)גלאַזירט.

.

אויך: ..,,גלאַזו(רי)רן. 1. אָנשמירן, איבּערציִען עפּעס מיט גלאַזור, די אייבּערפֿלאַך זאָל ווערן (אַזוי ווי) גלאָזיק; עס זאָל גלאַנצן, בּלישטשען, שײַנען. אָ, דעם טיש. אָ, דעם פּאַרקעט. 2. גלאַזירן אַ סך. אָ, אַלע טאַבּעקשקעטעלעך. ־ונג.

אָנגלאָזן — טרוו. גלאָז אָן, ~געגלאָזט.
1. אַרײַנשטעלן, אַרײַנפּאַסן גלאָז, שויבּן אין אַ פֿענצטער, אַ רעם אע. "צי וועט עס, אָ אָרעמע בּרידער, די פֿענצטער כאָטש אָ, קלעקן?,,, אַר, ,וואָס מאַכט איר'. "אַ לאַנג שטיקל גלאָז, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן בּײַ הענעך דעם גלעזער, בּשעת אָ, די פֿענצטער בּײַם שכן", זש, שקלאָווער קינדער. 2. בּאַגלאָזן אַ סך. אָ, אַלע פֿענצטער פֿון בּנין. אָ, די רעמען מיט די בּילדער. 3. אוטוו. אָנשטעלן, אויסשטעלן אַ פּאָר וואַסערדיקע, גלאָזיקע אויגן. אָנגלאָצן. אָ אַ

,

פֿאָר קוקערס און שפּילן דעם תּם ־ונג.

.

אַנגלאָ מאַ'ן — דער, ־ען. ונ ־ין, ־קע, ־ס.
ווער ס'איז אײַנגעליבּט איבּער יעדער מאָס אין

אַלץ וואָס ס'איז ענגליש. ־מאַניע ־פאָ'ב

.

— ווער ס'האָט פֿײַנט אַלץ וואָס איז ענגליש.
־פֿאבּיע ־פֿי'ל — ווער עס האָט אַ בּיז

.

גאָר פֿרײַנדלעכע בּאַציאונג צו ענגלאַנד, צו
ענגלענדער ־פֿיליע.

.

אָנגלאַנצן — טרוו. גלאַנץ אָן, ~געגלאַנצט.
אָנפֿוצן, אָנשײַערן, אָנשמירן, אָנרײַבּן, אָנוועקסן
עפּעס, עס זאָל גלאַנצן, שײַנען, בּליאַסקען.
אָ, דעם דיל. אָ, די שיך. אָ, די מעשענע
קליאַמקעס. אָ, די האָר. אָ, די נעגל פֿון די הענט.
"ער רײַבּט זי און גלאַנצט זי אָן'... מיט
זײַנע איידעלע פֿינגער בּײַם גראַווירן גאָלדענע
בּראַסלעטן", מ. א. טאָרנער [אונגער], טמז,
7 1966 II. מיט ז י ך. —ונג. —עניש.
אָנגלאָנצן — דזוו דווו.

אָנגלאָצן — אוטוו & טרוו. גלאָץ אָן, ײ.,
געגלאָצט. 1. אָנקוקן מיט אָנשטעלן,
אויסשטאַרצן אַ פּאָר אויגן (פּאַר חידוש,
איבעררא‏ַשונג, נײַגער). „און אַזו באַלד אַז ער האָט
,

דאז הויז ווידר אַן גיקלוצט און, זאַך [=
געזען]...“, ס״ר משלים ״דמ 1686. “ביידע
,
האָבן מיט זייערע צו דרייסטע אויגן

אָנגעאָנגליטשן זיך

גלאָצט אונדזער רחלע„, יהל, די קאָלאָניסטן II,
וואַרשע תּר״ץ. „האָט דאָס פּלעשל מיט דעם
גיפּט... געהאַלטן [אין האַנט] און האָט נאָר
דעם פּרעמדן אָנגעגלאָצט“, מ. מ. אויזערקיס,
צעזייעטע און צעשפּרייט.... “טרעפּט מיך
עמעץ..., בלײַבט ער שטיין און גלאָצט מיך
אָן„, דפּ, 'בערגשטײַגער, [דאָס נײַע לעבן, נ„י
[1913.
2. אָנקוקן עמעצן מיט האַס, שׂנאה, כּעס.
דורכנעמען מיט אַ שטרענגן, שאַרפֿן בליק.
„אַדוני המלך — האָט דער פּויפּסט געזאָגט

און שאַרף אָנגעגלאָצט דעם קייסער מיט זײַנע
גרויסע שפּאַקולן,,, ייִט, טאָג, 1959 23. פֿיג
,,אַ מילבֿ־לעבֿן, וואָס יעדער טויטער פֿעלדז
אַרום האָט אָנגעגלאָצט מיט שטיינערנעם און
קאַלטן האַס“, יהואָש, 'בּאַרג און אָקעאַן', 1907.
פֿאַרניכטונג האָט אים מער ניט אָנגעגלאָצט,
,, -
אין דער נשמה האָט אים טרייסט געשפּראָצט,,,
מר יI. מיט ז י ך — קעגנזײַטיק. ־דנג.
 עניש.
אָנגלוסטן זיך — אוטוו. גלוסט זיך אָן, זיך
~געגלוסט. בּאַגערן, חשק האָבּן צו אַ סך.
,,וואָס די קינדער האָבּן זיך אָנגעגלוסט אין
געשעפֿט מיט די שפּילעכלעך!“. ,,אַז איינעם
גלוסט זיך אָן אַ מאכל און עסט נישט דערפֿון,
איז אַ סכּנה ער זאָל אַראָפּשלינגען דאָס שפּײַעכץ
וואָס ער האָט דעמאָלט אין מויל. ער זאָל
וואָרנט זײַן דאָס אויסצושפּײַען“, שמירת הנפֿש,
ירושלים 1953.
אָנגלי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנגליִען. אָ, פֿון שמידאײַזן. 2.
אָנהיצונג. אָנבּרען. ,,דער אָ, פֿון זומערטאָג האָט
אַרײַנגעקלונגען דורכן פֿענצטער,,, נאַד ־אונג

— אָ, בײַ שמיד אַרבעט.

-

אָנגלידערן — טרוו ־ער אָן, ~געגלידערט.

.

1. צוגעבן, צונויפֿגעבן, אַרויפֿגעבן,
אַרויפֿבויען אַ גליד אויף אַ גליד. אָ, די טיילן פֿון
דער מאַשין און זי צונויפֿשטעלן. אָ, אַ רינג
אויף אַ רינג בײַם אײַנשטעלן אַ קייט. 2.
אָנשליסן. אַרײַננעמען ווי אַ מיטגליד אין אַ גרופּע
אע. אָ, דעם קאָאָפּעראַטיוו צו דער צענטראַלע.
מיט ז י ך — בּ2. ־ונג.
אַנגליזירן — טרוו. ־זיר, אַנגליזירט. צופּאַסן
צום ענגלישן שטייגער, לשון, קולטור,
אַסימילירן מיט ענגלענדער אָדער ענגליש־
רעדנדיקע. געוויינלעך מיט ז י ך. ־ונג.
אָנגליטשן זיך — אוטוו. גליטש זיך אָן, זיך
~געגליטשט. 1. אַ לענגערע צײַט זיך
גליטשן, זיך שאַרן אויפֿן אײַז (ביזן ווערן מיד).
זיך אָ, ביז ניט פֿילן די פֿיס. 2. פֿלוצעם,
אומבאַמערקט אָנרוקן זיך, אונטערקומען,
באַווײַזן זיך. אָ, זיך ווי אַ באַן צו דער סטאַנציע
„די שיפֿלעך מיט די סאָלדאַטן האָבן זיך
אָנגעגליטשט צום שׂונאס ברעג“. פֿיג. „דער טאָג

איז פֿאַרגאַנגען. די נאַכט האָט זיך אָנגעגליטשט מיט בלויקייט און פֿרישקייט", מ. גאָלדשטיין, בירעבידזשאַנער אויפֿן אַמור, מאָסקווע 1934.
־עניש.

אָנגלייבן זיך

אָנגלייבן זיך — אוטוו. גלייב זיך אָן, זיך ~געגלייבט. גלייבן אין עמעצן, זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָזן אויף עמעצנס ערלעכקייט. אָ, זיך אין חבֿר, שותּף אע. אָ, זיך דעם שוואַרציאָר. „דעם ווײַסן חיימקע... האָסטו זיך אָנגעגלייבט... די פּראָוואָקאַציע מיט דער פּאָליצײַ האָט ער דאָס טאַקע אַליין געמאַכט", יודל יאָפֿע, דאָס איידעמל, מאָסקווע 1936.

אָנגלייזן — טרוו. גלייז אָן, ~געגלייזט. 1. דזוו אָנגלאַזירן ←. 2. דזוו אָנגלאָזן ←. ־ונג.
־עכ ן. ־עניש.

אָן גלײַכן פֿראַזע. אָן אַ גלײַכעניש. איז
— —
נאָך ניט געהערט אָדער באַגעגנט געוואָרן. „זײַן זיג איז געווען אָן ג, אין דער געשיכטע פֿון אַמעריקאַנער פּרעזידענט־וואַלן (ביז יענער צײַט)", יוסף שלאָסבערג, טמז, 18 XI 1964.

אָנגלייכן — טרוו. גלײַך אָן, ~געגלײַכט.

-

1. (מאַט) אײַנשטעלן די גרענעצן פֿאַר אַ קוואַנטום וואָס בײַט זיך. אויב נ איז דאָס וואָס בײַט זיך, קומען למשל צו אַ ריי n > > m.
2. דזוו אויסגלײַכן (← 165). ־ונג.

אַנגליסט — דער, ־ן. ווג ־ין, ־קע, ־ס. שפּראַךגעלערנטער, ספּעציאַליזירט אין דער ענגלישער שפּראַך ־יק — די. דאָס וויסן פֿאָרשן

. ,

די ענגלישע שפּראַך.

אָנגלען — טרוו. גלי אָן, ~געגליט. 1. אָנהיצן, אָנברענען עפּעס דורך האַלטן אַ לענגערע צײַט אויפֿן פֿײַער. אָ, דאָס (דעם) אײַזן. אָ, דעם פּרעסאײַזן. אָ, קוילן. אָ, דעם אויוון. „די גינגאָלדענע זון האַלט אין רעכטן סמאַליען, אָ'דיק די ערד, ווי אַן אײַזערנע סקאָוועראָדע“, שע, מע)יות פֿאַר ייִדישע קינדער II. „די ערשטע רויטלעכע זונענשטראַלן האָבן זייערע שפּיצן אָנגעגליט„, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'. 2. דזוו אויסגליִען, ב2 ←. אָ, שטיינער צום כּשרן פּסחדיק געשיר.

3. אַרײַנברענגען, אַרײַנפֿירן אין אָנגעהיצטער, אויפֿגערודערטער שטימונג, צושטאַנד.

אָ, דאָס געמיט, די פֿאַנטאַזיע. אָ, די תּאווה.
אָ, די ספּאָרטלערס פֿאַרן פֿאַרמעסט. ‟ווען דער
יצר־הרע זאָל ניט געווען — אָ, אין אים דאָס
געפֿיל פֿון פּעסט־קלעפּנדיקע פֿרײַנדשאַפֿט‟,
ממוס, שלמה. „האָט מיטגענומען טאַלאַנט אויף
אָנצוגלײַען די לופֿט, ביז זי גייט אויף מיט
קאָלירפֿולע מיראַזשן„, ב. ריווקין, גרונט־
טענדענצן.... „מענטשן פֿון זאָרג! גליט אָן אײַער
זאָרג, ווי שטאַבעס פֿון אײַזן, און טראָגט עס
אין קאַמף‟, ליפּמאַן־לעווין, דוירעס דערוואַכן,
מאָסקווע 1934. 4. אָנהעצן. אונטערהעצן.
דערפֿירן, דערברענגען צו אַ מחלוקה
פֿונאַנ,
דערפֿלאַקערן אַ קריגערײַ. אָ, דעם סקאַנדאַל.
אָ, די פֿאַרשאַרפֿטע באַציאונגען צווישן די
שותּפֿים, שכנים. אָ, די ל ו פֿ ט אויף אַן אַסיפֿה.
5. דזוו אויסגלײַען, ב4 →, 166. אָ, אַ צייכן.
„בײַ די ווערטער האָט ער זײַן פֿאַריאָמערטער
פֿרוי אַרומגענומען און אַ הייסן קוש...
אָנגעגליט„, ש. לעדערער, דער שרעקליכער
פֿערברעכער, ווילנע 1897. מיט ז י ך — „
לעמפּלעך מיט מעטאַלענע פֿעדעמלעך... גלײַען

זיך אָן בײַ װײניקער שטראָם“, בּ. זשיטקאָװו
איבּז, עלעקטרע אינדערהײ□ קיִעוו 1930.

־עכ□ן. ־עניש.

אַנגליצי□זם — דער, ־ען. װאָרט אָדער
אויסדרוק פֿון ענגליש, גענוצט אין אַן אַנדער
שפּראַך. די אַ'ען אין אַמעריקאַנער ייִדיש.
־זירן — טרוו. אַרײַנבּרענגען אַ סך
אַנגליציזמען אין אַ לשון. „די שפּראַך פֿון דער
רוסישער פּרעסע אין די פּאַראײניקטע שטאַטן
איז שטאַרק אַ'זירט“. רעדן אויף אַן אַ'זירטן
לשון. ־סט — װער עס באַניצט אַ'זמען
בכּוונה אָדער אויף אַ גוזמאדיקן אופֿן. “... ער
איז געװען אַ שאַרפֿער אַנט אַ'סט,,, אוריאל
י
װײַנרײַך, 'די װעלישע שפּראַך...,, ייִבל XXIII.
אַנגליק — דער, ־ן. 'ענגלענדער,. “
באַצייכענונג סאַר אַ ייִדן אויף דער אַרישער זײַט,

גענוצט ס'רובֿ פֿון ייִדן אַריער', רעדנדיק
פּוי,

ליש“, בלומ, ייִשפּ 3 ,X I.
אַנגליקאַנ יזם — דער. בא. סיסטעם פֿון
דאָקטרינען און פּרינציפּן פֿון אַ מעסיקער
פּראָטעסטאַנטישער ריכטונג. אויפֿגעקומען אין 16.
י,,ה. אַ, האָט אָפּגעווײַכט פֿון קאַטויליציזם
דערעיקר אין רעוואָלט קעגן אייבערהערשאַפֿט פֿון
פּויפּסט. ־יש — אַדי. אַ'ע ק י ר ך —
אָפֿיציעלע קירך פֿון דער ענגלישער מלוכה, באַזירט
אויף די גרונט־פּרינציפּן פֿון אַנגליקאַניזם [לויטן
ריטואַל איז די אַ'ישע קירך נאָענט צו דער
קאַטוילישער]. ־ער.
אַנגלע'ז — דער פּר. סטוטש. 1. אַלטער
.
ענגלישער פֿאָלקסטאַנץ. 2. מוזיקאַלישער
אינסטרומענט פֿון האָלץ.
אָנגלעזערן — ־ער אָן, ~געגלעזערט. אוטוו
— אָנשטעלן, אויסבאַלושען אַ פּאָר
וואַסערדיקע, גלאָזיקע אויגן. ——— וואָס הייסט
צעשטיקט? גלעזערט אָן זײַנע גרויע אויגן ליראָוו,,,
ש ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס
1932. טרוו — 1. צופּאַסן, באַזאָרגן מיט
ברילן אַ צאָל. אָ, אַלע אַלטיטשקע אין
מושבֿזקנים. 2. אָנשטעלן צו פֿיל גלעזער. ,,וואָס

האָסטו אָנגעגלעזערט דעם טיש?".,.
אָנגלעטן — טרוו. גלעט אָן, ~געגלעט. 1. אַ ביסל אָדער אַ סך גלעטן, צערטלען, לאַשטשען. "זי דערהערט אַ מ אַוקען פֿון אַ קראַנקן קאָי טער, לויפֿט זי צו אים אָ, און אַרומהילן מיט דער קאָלדרע", מ. גראָסמאַן, היימיש, מײַ 1959. 2. אויספּרעסן, אויסגלײַכן. אָ, די צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, דאָקומענטן. 3. באַרואיקן; אײַנשטילן, אײַננעמען. אָ, דאָס פֿאַרוויינטע קינד. אָ, דאָס צעפּיעשטשעטע בת־יחידקעלע. 4. אונטערחנפֿענען. אָנחנפֿענען. אָ, דעם בעל־הבית מיט זיסע ריידעלעך און עפּעס פּועלן. אָ, די מויד מיט קאָמפּלימענטן. מיט ז י ך — קעגנזײַטיק. ־עניש.
אַנגלען — טרוו. אַנגל, געאַנגלט. אויך: אָנגלען, אַנגעלן. Mhd: an e ln. כאַפּן, פֿאַנגען (פֿיש) מיט אַן אַנגל, ווענטקע, ווענדע. אַ, פֿיש אין אָזערע. אַ, (כאַפּן) פֿיש אין מוטנע וואַסערן = (ווען) אויסניצן (פֿאַר זיך) אַ פֿאַראַנגסט

פלאָנטערטע סיטואַציע, אַ סכסוך, אַ מחלוקה.
„ווערט [דאָס לעבן] געלאָקערט. געיאָגט און געאַנגלט“, פּרץ, לידער און פּאָעמען.

-

אָנגנבֿענען — טרוו. גנבֿע אָן, ~געגנבֿעט.
1. כּסדר, גנבֿענען אַ סך, בשתּיקה צונעמען.
אָ, גאָלד מיט צירונג און צום סוף אַרײַנפֿאַ□ן אין קאָזע. „משמעות... ער וויל נאָך מער אָ, אין הויז...„„ וויספּע, ד, קאָוונע, אַפּריל 1923.
„אַ קשיה אויף אַ מעשׂה, ער האָט געמוזט אָ, געלט“, ש. בּ., דער גוטער מאַן, ווילנע 1898.
2. דורך (מיט) אומערלעכע, ניט־כּשרע מיטלען דערווערבן פֿאַרמעגן, ווערן רײַך. אָנגזילהנען.
אָ, פֿון ניט־דערוועגן פֿון ניט־דערגעבן אויפֿן

,

וואָג. 3. איבערנעמען און צואייגענען יענעמס. אָ, פֿרעמדע געדאַנקען, אידייען,
אײַנ□פֿאַלן. מיט ז י ך — „וואָס מע קען זיך שוין בײַ איר אָ'“, שע, 'יקנה„ז'.
אַנגס — דזוו דוווו פֿטמ. הורוויץ, ספֿר המ.

לים, אַדעס 1903. טויט אַ'(ן). ,,וואָרן בײַ צו
-
פֿיל חכמה איז צו פֿיל שוּוער געמיט. און
וואָס מער פֿאַרשטיין איז מער אַנקסן'', מס,
קהלת תּקע,,ט, א, 18. ,,עס איז שוין גאַנץ
שפּעט געווען און זײַנע לײַט זענען געזעסן אין
גרויס אַנקסן,,, שבֿחי בּעש''ט. ,,ס'האָט מיך
אַנקסן איבּערן גאַנצן לײַבּ בּאַשלאָגן,,, חייס
מאַלאַגע פֿון אַ בּריוו צו ר, מענדל סאַטאַנאָוועו
,
[ייִבּל 7 ,XIII-].
אַנגסט — דער & די, ־ן (געוויינלעך אין אי.
דיאָמען). .Mhd: an es בּײַטעם פֿון אַרכ
אין אַ צאָל אויסדרוקן אויך אין הײַנטצײַטיקן
ייִדיש, ספּעצ פּר. 1. טוו. פּחד. אימה. בּאו
התּורה, בּאר משה פֿאַרטײַטשט 'חתּת אלהים,
(בּראשית, לה, 5): ,,און עס איז געווען די אַ,
פֿון גאָט אויף די שטעט''. מ) פֿאַרטײַטשט
,וחתּכם, — ,,און, אײַער אַנגשׂט,,; 'אימתה
ופֿחד, (שמות, טו, 16): ,,און אַנגשׂט,,. מלל
,
פֿאַרטײַטשט ,בּארץ צרה וצוקה, (ישעיה, ל, 6):
,,... אַנגשׂט''. ,,זיך האבּ צו בּיידן זײַטן אַנגשׂט

און גרושׂר שאַל,, [= געשריי], שמואל־בּוך,
סטראָפֿע 119. ,,און, ריד צו זיא אַלז וואשׂ
איך גיבּיט דיר, לאָז דיר קיין אַנגשׂט אַן גין“,
שעריר, א, 17. ,,אַן אַ, האָט בּאַנומען די
וואוינער פֿון פּלשת,,, תּי, שמות, טו, 14.
אַרכ. ה אָ בּ ן אַ'. ז ײַ ן א י ן אַ'. ,,און, די
וויסטנײַא וואור פֿויל [— פֿול] מיט ווילדי
טי־־
רין... און, ער וואַר ציטרין פֿאַר פֿורכט און,
אַנגשׂט“, גה, ז, 42. ,,און, מיט גרושׂן
ציטערניס און, מיט גרושׂן אַ, און, מיט גרושׂן דער
שרעקניס“, לט1, ו/ב. ,,וועסט ניט זײַן פֿאַר
צוקט און וועסט קיין פֿאָרכט און קיין אַ,
האָבּן“, צור, הפֿטרת נח. ,,און מואבֿ איז
געוועזן אין אַ, פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל,,,
תּי, בּמדבּר, כב, 2.
אין הײַנטצײַטיקן לשון: אַ, האָבּן פֿאַר אַ
גוט־ו.יג, פּר = מורא האָבּן פֿאַר אַן עין־הרע.
טויט אַ'(ן) = טויט־שרעק. ,,די גאַנצע וועלט
-

בּאַשטייט פֿון נויט, אַ, און קרבּנות“, ספּ,
סודות פֿון איר פּנים האָט אַרויסגעקוקט דער
,,

יאוש און אַ'“, אַש, תּהילים־ייִד.   געניצט נאָר

אַנגסט

אין מצ: „פֿאַרפּײַניקטע בּרידער האָבּן אין אַ'ן

□

גערופֿן„, הל. “ער האָט אויפֿגעשריגן אין אַ'ן
און זיך נאָכאַמאָל איבּערגעצלמט“, ייִס, טמז,
27 □ 1960 III. „איך הער, מײַן קינד, דײַן
אויפֿשרעק אין שלאָף, מיט ווילדע אַ'ן קלינגט דײַן
רוף“, אסתּר שומיאַטשער, לידער.
2. געפֿיל פֿון זײַן שטאַרק דערדריקט,
בּאַזאָרגט פֿאַרצרהט. אויסשטיין אַ'(ן). “אויף

□

,
דער זײַט פֿרייד און טנץ. און אויף דער
אַנדרה זײַט לויטר לייד און אַנגשׂט“, עיון,
טז/ב. „נייארט אייטל אַנגשׂט און, לייד ווערט
דיך אום רינגלן„, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764. “אין

יעדער צרה און אַ', וואָס טרעפֿט זיך אַ ייִדן, קומט מען אַהער אויפֿן אַלטן בית־עלמין", ליטוו פֿאַרזונקען אין אַ, פֿלעגט זי שטענדיק

— ,, ·

בלייַבן נאָך זייַן אַוועקגיין", ווייַס I, 'דאָס לעבן'. "זי באַטראַכט מיט אַ, און שרעקן איר פֿאַרמעגן און איר גרוילט,,, אַר, ,די עפּלפֿאַרקויפֿערין'. ,,זיך שטיקן מיט אַ'ן פֿון רחמים אין האַלדז,,, הל, 'אויפֿן בוידעם קלאָגט דער דאַך,. ▯עס קומט אָן מיט אַ'ן = עס קומט אָן מיט שוועריקייטן, מיט צרות.

3. יראה, פֿאָרכט(יקייט). ,,הייַנט דעם טאָג (יום כפּור) זייַנען מיר אין אַ'ן און אין גרויס פֿאָרכט", שׂרה בת טו▯ים, התּחינה שלשה שעריס, ווילנע 1864. "מע וועט זיך אָבער אויך ניט מער שרעקן פֿאַר איר, ניט איבערצלמען זיך אין אַ', ווי דאָס וואָלט געטאָן אַ פֿרומער קריסט", זשיט ▯I, נ"י 1912. "ס'האָט זי אַרומגענומען אַן אומהיימלעכער אַ', אַז אויב מע זאָל זיך דערוויסן, קען חרובֿ ווערן די וועלט", חג, טמן, 2▯19 II▯י 6.

4. קערפּערלעכע ציטערניש. "ווען די אשה פֿילט שוואַכקייט, מידיקייט... אַ', איבלקייט...

די אַלע צייכנס קאָנען דינען אָפּט צו דעם טראָגן
(שוואַנגערשאַפּט)“, מלכּה בּערלאַנט, די
גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. „אַ געריש צווישן
די בּיימער — און די בּלעטער פּאַלן מיט אַ,
צו דער ערד“, וײַס, אַ שטעטל.
מיט בּבּ 1 — 4. געוויינלעך אין מצ. אַ'ן
בּאַפּאלן פּאַלן אָן, נעמען אַרום, נעמען דורך.
— ,
“אַ'ן האָבּן דורכגענומען די רבּנים פֿון סמירנע,
ווען זיי האָבן דערהערט אַזוינס“, ימ איבּז,
שד I. “אויף איר אַליין איז אַן אַ,
אָנגעמאַלן וואָס זי האָט בּשום־אופֿן נישט געקענט

פֿון זיך פּאַרטרײַבּן“, יד, אבן נגף. „אַ וויסטע
אַ, בּאַפּאַלט די שרל אַרן דריקט דאָס האַרץ

מיט צוואַנגען,,, יהואָש, אַ יום־כּפּור־מעשׂהלע'.

,

5. (קאַלטער) שווייס פֿון שרעק אָדער שווערער דעפּרעסיע. אויך שווייס סתּם. אַרבּעטן מיט אַ'ן. בּאַגיסן זיך מיט אַ'ן. אַ'ן גיסן זיך פֿון מיר. אַ'ן שלאָגן אַרויס. "האָט קוים געאָטעמט פֿאַר היץ, אַ'ן האָבּן אים בּאַשלאָגן, ער האָט געזיפּצט, געקרעכצט", ממוס, פּישקע "פֿון זײַן טוכן היטל, וואָס אַמאָל איז עס געווען שוואַרץ... רינען אַ'ן איבּער זײַן בּרוינקנאָכיק און אויסגעשמיסן פּנים", ייִז, נחמן. ▯אַ'ן גיסן זיך פֿון אים און ער וואַרפֿט זיך אינגאַנצן ווי אין אַ קדחת", בּאש, דער ▯ טן אין

()

גאָרײַ. ,,ווי שווער ער פּראַצעוועט, עס גיסן זיך אים אַזש אַ'ן פֿון פּנים", לל. ,,אויך די געווינערין — אין קאַלטן שווייס און אַ,...", האל, מײַן א▯צר, מאָסקווע ▯196.

אַ אַ ט אַ ק. אַ'־בּ אַ ש ל אָ ג ע נ י ש — ,,עפּעס

▯'

אַ גאַנצער חד־גדיא, אַ □אַרשלאָגעניש,

אָפּשלאָגעניש, אַװעקשלאָגעניש בּיז אַ'־בּ'“, ממוס,
אסי□ות אַ'־ג ע װ ײִ ן — הל. אַ'־ג ע פֿ י ל

□

— „,פֿון דעם אַ'־ג, איז תּיכּף אַרױסגעװאַקסן
אַ געפֿיל פֿון קאַלטער שׂנאה צו דעם מאַן“,
זשיט IX, נ“י 1919. „,אַן אַ'־ג, פֿאַר דער
צוקונפֿט„, בּעמ □I. אַ,־פֿ אַ ז ע — “אַן אַ'־פֿ'...
װען דאָס קינד רוקט זיך אַראָפּ פֿון קישן,
בּאַהאַלט דעם קאָפּ...“, די כאַראַקטעראָלאָגיע פֿון
שלאָף־לעבּן בּײַ קינדער, װאַרשע 1936. אַ,־
ר ו ף. אַ'־ש װ ײִ ס — „,אַן אַ'־ש, איז איבּערפֿאַלן
אין דיזן אױגנבּליק איבּער די ערלעכע ריכטער„,
איינע אַבּשילדערונג פֿאַן קעניג אַחאָבֿ און זײַנע

□

פֿרויא איזבל, װאַרשע 1862. “און אַז ער זעט
דאַבּײַ מײַן אָרעם בּלוט צעגיין — װי אײַז אין

זומער־היץ און אַ־ש, אין געוויין,,, מלה, 'די יונגע דאַמע,.

אַנגסטהאַפֿטיק — אַדי. אַרכ. וואָס האָט אין זיך (ווערט דורכגענומען פֿון) אַנגסט. "און, ווען דו זיכשׂט איינן גוי דער דא טוט עטוואָס גוטס אודר ווארהאפֿטיגס אודר צדקה דא זייא אַנגשׂטהאפֿטיג דען דיא ורומקייט דער בֿולקרן דיא איז איין זוינד צו דען ישׂראל", ס״ר היראה דר, יונה, ציריך 1546 [פֿש II].

אַנגסטיק — אַדי. 1. וואָס איז דורכגענומען פֿון שרעק. ,,באַפֿאַלט מיך דאָ פלוצלונג אַן אַ'ער חידוש", הל, בלאַט... עפלבּוים. 2. וואָס רופֿט אַרויס גרויסן שרעק. ,,אַ'ע טונקלעניש און חושכניש אויסגעשפּרייט", תּי, ישעיה, ח, 22. ,,במשך פֿון יענע אַ'ע יאָרן צווישן דעם אויפֿקום פֿון היטלערן אין דײַטשלאַנד און דעם אויסבּרוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה", י. בּ לינדער, טאָג, 3 .8 1957 II. ציטערדיק. פֿאָרכטיק. ,,ער האָט אַ, תּפֿילה געטאָן", שנ, ה. לייוויק פֿון אַ'ער איבּערטראַכטונג און תּפֿילה,,

דיקער זעלישער צוגרייטונג,,, ש. ביקל, טמז, 27 1953 II. ־יקייט — "דאָ האָט [ער] גענומען זאָגן קאַפּיטלעך תּהילים — מיט

אויפֿרודער, מיט טיפֿער אַ'", צײַט, טמז, 28 1962 IX.
אַנגסטיקן — ־טיק, געאַנגסטיקט פֿרגל
אַנג.
סטן. אוטוו — 1. זײַן אין גרויס פּחד.
זיך טרייסלען פֿאַר שרעק. "עולם אַנגסטיקט
נישט צו ווערן פֿונעם שטראָם אַראָפּגעוואַשן",
י. מאניק, 'דער פּאַראָמשטשיק'. 2. זיו זאָרגן.
זיך קימערן. אַ, וועגן קראַנקן טאַטן. 3.
בּאַגאָסן, בּאַשלאָגן ווערן מיט אַ שווייס פֿאַר פּחד,

אויפֿרעגונג, ציטערניש. *אַ, אין זיבּן שווייסן.
טרוו — אָנשרעקן. אָנוואַרפֿן אַ מורא. „אם
פּסח האָט ער גיאַנגשׂטיגט דיא הײַזר מצרים",
מחזור שלש רגלים, ח"ש, אמשט 1713. „איך
וואונדער מיך אַליין איבּער מײַן גע יל. אַ
געפֿיל וואָס האָט מיך וואָס געאַנגסטיקט", ייִט,
טאָג, 1958 X 11. מיט ז י ך — "אויך האָט
ער נישט געוואָלט דאָס זײַן רחלע זאָל זיך אַ,

אַנגסטער

מכּה אים,,, י. ל. שפּיראָ, דער א◌דישער גײַסט, מונקאַטש, 1932. ־ונג. ־ער.
אַנגסטלעך — אַדי. וואָס האָט אין זיך אַנגסט. ציטערדיק, שרעקעוודיק. ״האָט זי ווידער געפֿרעגט מיט אַ'ער ביטערקייט,,, ווײַס ◌I, 'ווי דער גורל פֿירט,. ״דו דער מענטש אויף ווענמענס אַ, האַרץ עס ליגט איר קאָפּ אַצינד״, מלה, אין ניו־יאָרק. ,,אַלץ איז נאָך געווען ווי פֿריִער, אָבער אַ'ער פֿאָרגעפֿיל איז געווען אויף דעם אַלץ״, סעג, געבּרענטע טריט ־קייט —

◌

,,נאָר נאַרישע איבּערטריבּענע אַ', ייִדן זאָלן ח״ו ניט נלכּד ווערן אין אַ חשש טריפֿות״, צעד.
אַנגסטן אַנגסט, געאַנגסט פֿרגל אַנגסטיקן.

—

.

אַרכ. טוו. בּאר התּורה פֿאַרטײַטשט 'ואל תּחת, (דבריס, א, 21): ,,דו זאָלסט ניט אַנגסטן,,.. מע) פֿאַרטײַטשט אַל תירא ואל תחת, (דבֿריס, א,

,

21): ,,דו זאלשׂט ניט אַנגשׂטן,,.. [תּי: 'לא תּירא ולא תחת', דבריס, לא, 8 — ״זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַ'״.] מלל ◌אַרטײַטשט ,והציקותי לאריאל, (ישעיה, כט, 2): ״ענגשׂטן״.

אוטוו — 1. מררא האָבּן. שרעקן זיך.

ציטערן. יוסף מאַרשן, חנוך לנער פֿיורדא תקל״ד — ״טריבּולירן, פלאָגן, אַנגשׂטן״. ״וועד וויל אונז איבּר ואַלן און אין אונזרן ועשׂטונג קומען דאשׂ מיר זיך זעלטן ור אים אַנגשׂטן״, שעריר, כא, 13. „אויך פֿון דער הויך זיא פֿורכטן זיך און זיא אַנגשׂטן״, טח, קהלת, יב, 5. ״און פֿון וועגן מײַן נאָמען זאָל ער ציטערן און אַ׳״, צור, הפֿטרת תולדות. „ער האָט פֿאַר מיר מורא געהאַט, פֿאַר מײַן נאָמען האָט ער געאַנגסט״, תּי, מלאכי, בּ, 5. איר ישׂראל זאָלט קיין מורא ניט האָבּן און זאָלט ניט אַ, צו מודיע זײַן מײַן נאָמען צווישן די אומות״, ישעיה, פּירוש עבֿרי־טײַטש, לעמבּערג 1877. —. אַנגסט זי פֿאַר אים״, אַש, אָנקל מאָזעס. 2. דזוו אַנגסטיקן, אוטוו, בּ2 .. „מײַנע אוצרות זײַנען זאַמד — און וואָס אַנגסט איך און איך היט״, יהואָש, אין געוועבּ II.

טרוו — בּאַאומרואיקן. דריקן. שרעקן. ״ווען דיר דען אַמאהל פֿון איהם עטוואט בּיזיס צו קומט, לאזין דיר זײַנה (דרכים) ניט אַנגשׂטין״,

ספֿר מבחר הפּנינים, הומבורג תּצ״ט. ״האָט אַ געהיימער שרעק געאַנגסט די הערצער פֿון אונדזערע רײַזנדע״, אַש. תּי פֿאַרטײַטשט 'כּי חלה לטוב, (מיכה, א, 12): ״געאַנגסט נאָך גוטס״. מיט ז י ך — ״דוא זאָלשׂט דיך ניט ענגשׂטין איין טאָג אויף דען אַנדרן, דען דו קענשׂט ניט ווישׂן, וואשׂ פֿר איין טאָג ווערט קומן״, עיון, ו/ב. ״פֿאַר זייערע רייד זאָלסטו קיין מורא ניט האָבּן און פֿאַר זיי זאָלסטו זיך ניט אנגטן״, חה, 295.

אַנגסטער — דער, ־ס. אַרכ. ווער עס פֿאַרשאַפֿט אַנגסטן. אונטערדריקער. מלל פֿאַרטײַטשט 'ואיה חמת המציק, (ישעיה, נא, 13): פֿון דען ענגשׂטיר״.

אַנגסטער — דער, ־ס. Mhd: an ster. גלעזערנער קרוג מיט אַ לאַנגן, שמאָלן האַלדז. אבֿ, שמות דבֿרים פֿאַרטײַטשט 'צנצנת, — ״אנגשׂטר״. „און, ער טיילט צו... איין קוכן

אַנגסטפֿול

בּרוט און, איין אנגשׂטר וויַין,,, טח, שמואל ב,
ו, 19.

אַנגסטפּול — אַזי. פּפֿ□ אַנגסטנפּול. וואָס
איז פֿול מיט שרעק. אַן אַ'ע איבּערלעבּונג.
אַ'ע יאָרן אונטער די נאַציס.

אַנגסטראָם־איינס — סטוטש. איינס פֿון
לענג, אַ צען־מיליאָנטל פֿון אַ מילימעטער.
געניצט בּײַם מעסטן לענג פֿון
עלעקטראָמאַגנעטישע כוואַליעס. [לויטן נאָמען פֿון
שוועדישן
פֿיזיקער אַנגסטראָם.]

□

אָנגע־ — די ווערטער וואָס מע געפֿינט
ניט מיט אָנגע... ← אָנ + דעמ

□

ערשטז אות פֿון שטאַס.

אָנגע־ — אין דער קאָנסטרוקציע: קומען
אָנגעפֿאָרן, קומען אָנגעפֿלויגן אע.

אָנגעאַווירט — אדי, פֿאָר אָנאַווירן ←. אין
אַן אָ'ן חדרל. אָ'ע רייד ־קייט.

.

אָנגעאוצרט — [... אויצערט] אַדי, פּאַר אָנאוצרן ←. די אָ'ע בילדער פֿון דער רענעסאַנס־תּקופֿה ־קייט.

.

אָנגעאָטעמט — אַדי, פּאַר אָנאָטעמען ←. די אָ'ע לופֿט. אָ'ע גלעזלעך פֿון ברילן. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעאייגנט — אַדי, פּאַר אָנאייגענען ←. דאָס אָ'ע פֿרעמדס. אָ'ע גוטע מידות. „דעפֿינירט ע. סאַפּיר די שפּראַך... ווי אַ היסטאָרישע ירושה וואָס איז אַן אָ'ע קולטור־פֿונקציע„„ דווקא, 60. ־קייט.

אָנגעאיילט — אַדי, פּאַר אָנאיילן ←. אָ'ער מאָטאָר. “די מאַשינעריע פֿון דער אינקוויזיציע איז גוט אָ'“, טמז, 21 1965 IX. ־ערהייט. ־קייט.

▯

אָנגעאייסערט — אַדי, פּאַר אָנאייפֿערן ←. אָ'ער פֿאַרמעסט. “די יוגנט וועט זיך אָנגעאייפֿערט פֿילן העכערע שטודיען צו מאַכן“, קמ, 18 1865, No. ־קייט.

אָנגעאַנקערט — אַדי, פּאַר אָנאַנקערן ←.

אָ'ע שיפֿן.
אָנגעאַקערט — אַדי, פּאַר אָנאַקערן ←. אָ'ע פֿעלדער.
אָנגעאַרבעט — אַדי, פּאַר אָנאַרבעטן ←.
די אָ'ע זאָקן, הענטשקעס. אָ'ע שטוקעס, לצנות, שטיק. אָ'ע צרות. "אָ'ע הענט מיט מאַזאָליעס", פֿאַר'ן זונאויפֿגאַנג, זשענעוו 1904 -
ער.
הייט — „זיי שלאָפֿן אָ, זייער געשמאַק", ראָבינזאָהן, ווילנע 1880, 2. טייל. ־קייט.
אָנגעבאָבלט — אַדי, פּאַר אָנבאָבלען ←.
אָ'ע מעשׂהלעך. ־קייט.
אָנגעבאָבצלט — אַדי, פּאַר אָנבאָבצלען ←.
אַן אָ'ער אַרבל וואָס מע מוז אויסטרענען.
אָנגעבאָטן — אַדי, פּאַר אָנבאָטן ←. אָ'ענע סחורה. אָ'ענע דינסט. אָ'ענע שׂכירות. „אַן אָ'ענע טובֿה איז קיין טובֿה ניט", שוו. -
ערהייט. ־קייט.
אָנגעבאָטשעט — אַדי, פּאַר אָנבאָטשען'.

,

לאָקל (סאָניק). אָנגעכמורעט. בייז.

אָנגעבּאָלבּעט — אַדי, פּאַר אָנבּאָלבּען ←.
אָ'ע נאַרישקייטן. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּאַלזאַמירט — אַדי, פּאַר אָנבּאַלזאַמירן
□.. אָ'ער פּרעה. אָ'ער קערפּער. אָ□ע
טראַדיציע. ־קייט.
אָנגעבּאַלעוועט — אַדי, פּאַר אָנבּאַלעוועט
←. אָ'ע קינדער. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּאָלעיעט — אַדי, פּאַר אָנבּאָלעיען זיך
←. סל. אָנגעווייטיקט. ס'איז אָ, אויפֿן
האַרצן.
אָנגעבּאַמקעט — אַדי, פּאַר אָנבּאַמקען ←.
וואָס מע האָט צוגעשטימס צו אים. (שפּאַסיק)
וואָס מע האָט אָנגעשלאָגן. „אורי דער
קאָסאָקער קומט אַהיים פֿון בית־מדרש אַן אָ'ער“,
זש, שקלאָווער קינדער. ־ערהייט.
אָנגעבּאַקט — אַדי, פּאַר אָנבּאַקן ←. פּפּ:
~געבּאַקן. אָ'טע קאַרטאָפֿליעס. אַ פֿון זון
אָ'טער קאַרק. אָ'ן בּרויט. אָ'ענע ליגנס. —
ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּאָרגט — אדי, פּאַר אָנבּאָרגן ←. אָ,
געלט. אָ'ע גמילות־חסדלעך. אָ'ע אידייען.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּאָרן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~געבּאָרן.

לד — פּפֿ: ~געבוירן, ~געבערן.
1. האָבן אַ סך קינדער. אָ, זין און טעכטער.
2. מאַכן מע זאָל געבערן. „האשׂט מיר מײַן טאַטערין זון אַן גבאָרין“, א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תּקצ„ח. „איך בין פֿון איין גוטן גישלעכט, האָט מיך נון די פֿרומקייט אַן גיבאָרן„, ספֿר משלים II פֿפֿדמ 1686, לו/א.

,

אָנגעבאָרן — אַדי, פֿאַס. וואָס קומט צוזאַמען מיטן געבאָרן ווערן. אָ'ענע שוואַכקייט. אָ'ענע ענערגיע. אָ'ענע נטיה גיך אויפֿצוכאַפּן. אָ'ענער אַנטיסעמיטיזם. „דיא שוואַרצקייט איז מיר ניט אַן גיבאָרין עז האָט פֿאַרבּרענט מיך דיא זון“, מח, שיר־השירים, א, 6. “ער ניט זאָל מיינן דז דאשׂ עשירות איז אים אַן גבאָרן, עשׂ ווערט פֿון אים ניט ווערן פֿר לאָרן„, חה, אַמשט 1716, הקדמה. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבאָרעט — אַדי, פֿאַר אָנבאָרען זיך ←.
“אָ'ע און פֿאַרשוויצטע, גיכן ‏ ײִ זיך איצט די הענט„. ־ערהייט.
אָנגעבדהנט — אַדי, פֿאַר אָנבדחנען ←. אָ'ע פֿאָעזיע, מיט רעספּעקט צו מעלדן ־קייט.

.

אָנגעבויגן — אַדי, פֿאַר אָנבייגן (זיך) ←.

שטיין (גיין, זיצן) מיט אַן אָ'ענעם קאָפּ. „איך,
גאָט, בּין אָ, צו אפֿרים, ער זאָל זיך אָנהאַלטן
זײַן האַנט אין מיר„, חעט, [דבֿרים, הפֿטרת שבֿת
שובֿה] הושע, יד, 9. „דער בּוהײַ, אָ, דעם
שטערן האַרט צו דער ערד, שמעקט פֿאָכעט

,

מיט די נאָזלעכער“, ממוס פֿישקע. „אין ווינקל

זיצן בּלייכע מיידלעך אָ'ענע און זינגען“, מלה,
איִי ניו־יאָרק. ־ערהייט — „איר טרינקט
וואַסער ניט פֿון קיין בּעכערס, נאָר אָ„ גלײַך
פֿון העלדזעלע [פֿון טיקווע]“, אי. קיפּניס איבּז,
שמייכלען, כאַרקאָוו 1929. ־קייט.

אָנגעבּורעט

אָנגעבּויט — אַדי, פּאַר אָנבּויען ←. די
נײַאָ'ע הײַזער. אָ'ע גאָרנס. „אויף איין אות, וואָס
דעם־יענעם דאַכט זיך איבּעריק, שטייען אָ,
גאַנצע בּערג ייִדישקייט“, ממוס, ספֿר הבּהמות
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּויטעט — אַדי, פּאַר אָנבּויטען ←.
פֿעסער אָ, מיט רעגנוואַסער. „די ווענט זײַנען
אָ, און געדראָלן פֿון נעץ, שניי און ווילגאָטש“,

נס, משפּחה מאַשבֿער.
אָנגעבֿויכט — אַדי, פּאַר אָנבֿויכן ←. אָ'ער פּריץ. נעבֿעך אַן אָ'ע. אָ'ער פּאַק. „דער עולם האָט ליבֿ... אַלץ וואָס איז אויפֿגעבֿלאָזן, אָנגעפֿוישט און אָ'„, דער לעבֿעדיקער, דער גרויסער קונדס, נ„י, 24 XI 1912.
אָנגעבֿוימלט — אַדי, פּאַר אָנבֿוימלען ←. אָ'ע פּאַטעלניע. „דאָס איז אַ שוצמיטל קעגן אָנגעיובֿלטע, אָ'ע שבֿחים“, מ גראָסמאַן, היימיש סיוון־תּמוז, תּשכ“א. ־קייט.
אָנגעבֿויקערט — אַדי, פּאַר אָנבֿויקערן ←. אָ'ע פֿלייצעס און רוקנס. אָפֿלאָזן אַן אָ'ן. ־ערהייט.
אָנגעבֿוירן — דזוו אָנגעבֿאָרן (←). פּד. אוקר. אָפֿט אין ליטרש ־ערהייט ־קייט.
. .
אָנגעבֿוכצעט, ־קעט — אדי, פּאָר אָנבֿוכצען, ־קען ←. אָ'ער מיט פֿויסטן ־ער.
הייט.
אָנגעבֿונדן — אַדי, פּאַר אָנבֿינדן (זיך) ←. אָ'ענע שטריק, קייטן. אַן אָ, פֿערדל. אַ ציבֿיק מיט אַן אָ, דרעטל. אָ, אָן גאָטס תּורה. זײַן אָ, אָן עמעצן מיט לײַב און לעבֿן. *רעדן ווי אַן

אָ'ענער = ווי אַ משוגענער, אויך: רעדן ווי אָ'.
,,די צונג איז אָ, אָן אַ שטריקל,,, פֿוול [= עס
רעדט זיך ניט, מע קען ניט אָדער מע טאָר ניט].
,,אַן דעם נעץ איז איין לנגר שטריק אַן
גיבֿונדן‘‘, סהמ, תּהלים, קמ, 6. ,,דער ים האָט
אויז גווארפֿין דאשׂ פֿפֿערד מיט דעם רײַטר אַן
גבֿונדין‘‘, ע)ה II, יא/ב. ,,זאָלשׂט אַן גבֿונדן זײַן
אַן דען בּונד די לעבֿנדיגן, אַן גבֿונדן זײַן מיט
גאָט‘‘, מענה לשון אויף טײַטש פֿיורדא תּקכ,,ו.

,
,,מע פֿילט זיך פּשוט בײַם רבֿין אָ, אין אַ
העכערער וועלט,,, אַש, תּהילים ייִד. ־ערהייט.
־קייט.

-

אָנגעבּוסט — אַדי, פּאַר אָנבּופֿן ←. אַן
אָ'ער אַרבּל פֿון הינטן וואָלט געמעגט זײַן

. ,,
אַ בּיסל העכער און די אַרבּל זענען ווינציק אָ',,,
שע, קאָמעדיעס. ,,איר קאַפֿטל — אויף דער
-
בּרוסט פֿון פֿאָרנט — אָ, און מיט האַפֿט

באַלייגט און אין רוקן שמאָל געפּאַסט“, נס, משפּחה מאַשבער.

אָנגעבוקלט — אַדי, פּאַר אָנבוקלען ←.

„מיט אַ קרוין... אויף די סיווע, אָ'ע האָר“, זש, קיסר און רבי I.

אָנגעבורעט — אַדי, פּאַר אָנבורען ←. אָ'ע שלעגערס. אָ'ע פּלעשער מיט יאַגעדעס. אַרו . גיין אַן אָ'ער מיט אַ זויער פּנים. ״ס איז זייער שלעכט אַפּילו, ווען אַן אַלט־אײַנגעזעסן פּאָלק

אָנגעבייזערט

ווערט באַפּאַלן פֿון אָ'ן היפּערשטאָלץ,,, מ. שטריגלער, איק, פּסח תּשכ״ד. ־ערהייט. —קייט.

אָנגעבייזערט — אַדי, פּאַר אָנבייזערן (זיך)

.. אַן אָ'ער, האָט ער גענומען שרײַען. אָ'ער פּריץ. מיט אָ'ע ברעמען. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעבייטשט — אַדי, פּאַר אָנבײַטשן ←.

־

א'ע פּערדלעך ־ערהייט.

.

אָנגעבײלט — אַדי, פֿאַר אָנבײַלן ←. מיט
--
אָ'ע קעפּ. „איז [ער] אַ צעכּעסטער, מיט אָ'ע
פֿויסטן דורכגעלאָפֿן פֿון סאָד אין שטוב אַרײַן“,
י פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 3 1961' No.
.
־ערהייט.
אָנגעבײנט — אַדי, פֿאַר 'אָנבײנען,. נעאָל.
געמאַכט אַ בײן אַרויסשטאַרצן. „דאָס אויג
ווערט שאַרף, די פֿינגער וואַך... — און אָ,
דער נאַקן“, יוסף ראָלניק, גש.
אָנגעביסן — אַדי, פֿאַר אָנבײַסן ←. אַן אָ,
שטיקל ברויט. אַן אָ'ענער עפּל. „— קומט
צום טיש! — אַ דאַנק איך בין שוין אַן אָ'ענער„
[= שוין געגעסן אָנבײַסן (□)]. „אַ הויכע,
זייער דאַרע שקאַפּע מיט אַ קרעציקן, אָ'ענעם
רוקן, גאָלע אייטער“, ממוס, פֿישקע. ־
ערהייט — „וואָס זעסטו מיר עפּעס הײַנט אַזוי
שלעכט אויס... געוויס נאָך ניט אָ,“, אפֿרים
מרגליות, געפֿונענע עלטערען, וואַרשע 1894.
אָנגעביקסלט — אַדי, פֿאַר אָנביקסלען'.
,
וואָס טראָגט אַ ביקסל. ‘‘אָ'ע סאָלדאַטן האָבן
באַגלייט די דרײַ גמיניקעס“, כלאַונע קאַגאַן,

אויפֿן טײַך, וואַרשע 1935.

אָנגעבּל — דאָס, ־עך. וואונק, רמז. אָנשפּיל, אָנדײַט. „דאָס וואָס ער האָט יאָ אויסגעזאָגט איז נאָר געווען אַן אָ', ניט מער“.

אָנגעבּלאָווט — אַדי, פּאַר אָנבּלויען ←.

אוקר. “דער שלייער האָט בּאַדאַרפֿט זײַן ווײַס ווי שניי, אָנגעקראָכמלט, אָ, און אויסגעקויקלט„, ממוס, שלמה. ־ערהייט.

אָנגעבּלאָזן — אַדי, פּאַר אָנבּלאָזן (זיך) ←.

אָ'ענער בּאַלאָן. אָ'ענער טרעלבּוך. אָ'ענער שניי. אָ'ענע בּלעטער. אָ'ענער רויך. אָ'ענע ווערקסלען [= אויף פֿאַלש פֿאַרגרעסערטע סומעס]. אָ'ענע פּראָזע. אָ, פּנים. אָ'ענע לונג־און־לעבּערס.

אָ'ענע(ר) קריטיק(ער). אָ'ענער ע שר, יחסן אע. אַ בּרוגזער, אַן אָ'ענער. „וואָס גייט ער אַרום אַזוי אָ'? די עלטערבּאָבּע איז אים געשטאָרבּן צי וואָס?„ פֿוול. “ער איז ניט נאָר אַן אָ'ענער,

,

ער איז אויך אַן אויפֿגעבּלאָזענער„.

„אַז דו בּיסט אָ', וועט מען דיך אין דרויסן לאָזן“, שוו אַן אָ'ענער אינדיק = אַ פּוסטער בּעל־גאווה. „דיא פֿון הונגר זײַן אַן גיבּלאזן און, אויף גילאפֿן“, עיון, סא/ב. “אַ קראַנקע בּהמה... איז ניט מעלה־גירה... דער בּויך אָ'“,

המאַסף, איבּז פֿון פֿויליש, ווילנע [ערשטע
העלפֿט 19. י״ה]. ״הײַנטיקע דאַמעס..., נאָר
אָ, מיט קליידלעך, מיט קאַרדעלינעס״, דער
אַקציזניק, זשיטאָמיר 1868. ״די זעלבּיקע
ווילדע דורשט צו געלט,... צו פֿירן אַן אָ'ענעם

1452

שטאַט״, טויבּע סעגאַל, עולם המע□tזה, וואַרשע
1883. ,,מענטשן ווערן בּייז, אָ', אָנגעבּרוֹגזט
איינער אויפֿן אַנדערן״, שע, יוסילע סאָלאָוויי.
פֿפֿ: אָ, ווי אַן אינדיק, וו אַ זשאַבּע□ אָ, וו□
י
.
אַ פֿענכער (פּוכיר, פֿאַכער), ווי אַ בּלאָזזאַק,
ווי אויף הייוון, ווי אַ ראָשטשינע, ווי טייג אין
אַ דייזשע, ווי אַ פֿורים־קוילעטש, ווי אַ
וואַרעניק; אָ, ווי אַ לאָגל, ווי אַ גלעזערנע פּוליע,
ווי אַ פֿויק, ווי דעם גלחס בּויך; אָ, ווי אַ שופֿר;
אָ, ווי מולינעס, ווי אַ שוואָם, אַן אָנגעווייקטער
שוואָם; אָ, ווי אַ מכּה, אַ געשוויר, אַ פּרישטש
אויף אַ מכּה; אָ, ווי אַ פֿעטער, ווי חתנס צד,
אַ בּרוֹגזער מחותּן, ווי אַ טעלדזער חתן, וו אַ
י

פּעמפּיק, ווי אַ פּריץ, ווי אַ פֿאַרך; אָ, ווי אַ
מעוברתע (ייִדענע), ווי אין נײַנטן חודש, ווי
אַ בּאַרג, ווי הר־ההר; אָ, ווי פּראָצענט.
־ערהייט — „ניט אײַער דאגה! — האָט
בּערל אָ, איר געענטפֿערט„, אַר, 'דער
פֿאַרבּיטערטער'. ־קייט — נגידישע אָ'. אַן אָ',
אַ פֿאַרריסנקייט. „שטענדיק איז זי דיר אין די
אויגן, שטענדיק מיט אַן אָ'“, ווײַס, 'אַ שלעכטע
רוי'.
אָנגעבּלאָטיקט — אַדי, פּאַר אָנבּלאָטיקן ←.
די אָ'ע פּאָדלאָגע. אויך: ~געבּלאָטשעט,
פֿטמ ־ערהייט.
אָנגעבּלאָפֿט — אַדי, פּאַר אָנבּלאָפֿן ←. אַמ
אָ'ע געשעפֿטן. בּלײַבּן אַן אָ'ער, אַ בּדלות
געשטעלטער.
אָנגעבּלוטיקט — אַדי, פּאַר אָנבּלוטיקן ←.
“די ייִדישע פֿאָלקס־מעשׂה... מיט גלויבּן אָ'ע“,
בּ. ריווקין, אונזערע פּראָזאַאיקער. —קייט.
אָנגעבּלויט — אַדי, פּאַר אָנבּלויען. ←
אָנגעבּלאָווט. אָ'ע וועש. „זיך פֿאַררוקן אין
געדיכטעניש און זוכן... יאַגעדעס... פֿלעגט ער
אַרויסקומען מיט אַ בּאָרד און וואָנצעס אָ,“, מ.
אַלטמאַן, אַלמאַנאַך שטערן, קיִעוו 1 1947, No.

אָנגעבלעזלט — אַדי, פּאַר אָנבלעזלען ←.
וואָס קומט אַרויס מיט בלעזלעך. „מיט לאַנגע קאָטשערעס געשלעפּט... דעם אייבערשטן, אָ'ן מעטאַל — דעם שלאַק", א. שטרעליץ, רעקאָנסטרוקציע, מאָסקווע 1933. ־קייט.
אָנגעבלעטערט — אַדי, פּאַר אָנבלעטערן ←.
"די שווער־אָ'ע ביימער", נאַד.
אָנגעבן — טרוו. גיב אָן, ~געגעבן [אַנדערע פֿאָרמען ← אויסגעבן, 169]. Mhd: an־
1 .   ben. געבן אַ סו. אָ, מתּנות יעדערן פֿון דער משפּחה. אָ אַ סך נדבֿות. „גאָט האָט
,
דיר אָנגעגעבן אונטער דער זון אַלע דײַנע שלימזלניע טעג", מס, קהלת תּקע"ט, ט, 9.
„די רעגן זאָל ער [גאָט] אָ, פֿאַר איין נדבֿה אונ, ער זאָל לוגן צו שטאַרקן זייא„, מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג 1721.
2. אָנווײַזן. אָנרופֿן. אָ, די צײַט. אָ, דעם מאַרשרוט. אָ, וואו וואָס עס געפֿינט זיך. „ער האָט זײַן נאָמען ניט אָנגעגעבן„. "ער וועט נישט וועלן אָ, די לײַט וואָס האָבן אים דאָס בריוול געגעבן", יפּ.
3. דזוו ב2, אָבער מיטן בײַבאַטײַט אַז דאָס

אָנגעבן

איז אפֿשר ניט אמת. אָ אַ סיבה, אַ תּירוץ.

,

אָ, אַ דין־וחשבון. „ער האָט אָנגעגעבן אַז ער הייסט חײַקל בן טודרוס„. „אין די צעטלעך וועלכע ווערן בײַגעלייגט צו די אונטערגעוואָרפֿענע קינדער ווערט ס'רובֿ אָנגעגעבן אַלס סיבה פֿון אונטערוואַרפֿן נויט און אָרעמקייט„, 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. „גערעדט תּרגום און לשון־קודש און אָנגעגעבן אַז ער קומט פֿון בבֿל“, בּאַש, 'דער ייִד פֿון בבֿל'.

4. אינפֿאָרמירן. מודיע זײַן. אָ, די פּרטים (איינצלהייטן). אָ, ווי און וואָס עס איז געשען. „איך קען אײַך אָ, ווער עס איז געווען דער חוזה פֿון לובלין“.

5. מעלדן, אָפֿיציעל אָנווײַזן, דעקלאַרירן. אָ, די פֿאַרדינסטן. (ניט) אָ, די ריכטיקע יאָרן. אָ, די באַשעפֿטיקונג. אָ, די נעמען פֿון די עדות. אָ, גענוי די סחורה וואָס מע פֿירט אַרײַן. אָ, אַז מען איז אַ ייִד. אָ, די נאַציאָנאַליטעט. „אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַ האַלבער מיליאָן ייִדן, שוין נאָך דער מלחמה און חורבן, אָנגעגעבן

יִדיש פֿאַר זייער מוטער־שפּראַך", צ'.
6. דערלאַנגען, איבערגעבן עפּעס אין אַן אָפֿיציעלן אַמט. אָ אַ בקשה, אַ פּעטיציע, אַ

,

פּראָשעניע. אָ, אַן אָנקלאָג אויף עמעצן אין געריכט. אָ, די רעזולטאַטן פֿון אַן אויספֿאָרשונג. „אַזו האָט מן איין רקעט [= פּעטיציע, בקשה] אַן געבין לבאַליאַש [= אַמט פֿון געריכט] אונ, גוויזן...", 'כ"י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. "יום ב, האב איך דען יועצי, מײַן ביפֿעהל בענין אַלן כתבים אַן געבין", גה, 362. "מחמת סכנה גדולה... האָט אחד מקהלתנו לפֿני אלופֿי הקהל יצ"ו אַן גיגעבן...,, אגרת שלמה, יח/ב. „דוא האשׂט ניט דען ניגר אַן גגעבן אין פֿילעדעלפֿי',,, פּב, 1763 [ענגל, פֿובל, פֿון אַמ, היסטאָרישער געזעלשאַפֿט, ב, 34]. „דער מתנגד אַליין האָט בײַם סאָנד די גאַנצע זאַך אָנגעגעבן,,, יפ. "אַז איר וועט אַפֿילו אָ, צום גובערנאַטאָר, וועט ער דאָך אויך אָנפֿרעגן בײַ מיר", יק. *אָ, צום 'ונתנה תּוקף, = שפּאָטיש, קיין אָנקלאָג וועט ניט העלפֿן. „גיב מיר [= מיך] אָן אין מיראַװײַע דודקע = אָפּלאַכעריש, קלאָג מיך אָן אין געריכט פּוול, ווילנע. אויך ווען עס איז אַזוי

·

ווי אָפֿיציעל. „דער פֿאָעט... האָט שריפֿטלעך אָנגעגעבן זייער וואָגיקע אורטיילן □אַרוואָס

,

ער שטימט קעגן פּרעמירן“, שנ, קריטיק און קריטיקער. □אָ, אַ קוויטל = דערלאַנגען דעם רבין אַ צעטל מיט אַ בקשה, צוזאַמען מיט אַ געלט־מתּנה. „די מוטער האָט מיט מאַטערניש געפּועלט... ער זאָל אויך אָ, אַ קוויטל צום רבין„, י. א לייזעראָוויטש פֿאַרלאָפֿענע שאָטנס,

,

פֿאַריז? יאָר?

7. ספּעצ — דערלאַנגען דער מאַכט אַ מסירה אויף עמעצן. מסרן. „בייא מיין לעבן איך וויל איין מסירה אויף דיר אַן געבן“, אַשכּנז.

„... וועגן דיא מסירה דז איז איבר אים אַן גיגעבין גיוואָרין דען קיסר„, נצ 1, ג/א. „די מסירה וואַס דער רשע האָט אָנגעגעבן איבער דעם פֿאָלק ישׂראל„, ר, אַהרן מטריבֿש, מצח

אָנגעבן ז□ך

אַהרן, וואַרשע תּר„ג. אויך: אָ, רכילות,

פליאָטקעס אע. "דיא דא האבּן רכילות איבּר אין אַן געבּן", סהמ, דניאל, ו, 25.

8. (גנבֿים־שפּראַך) אינפֿאָרמירן וואו און ווען מע קען באַגנבֿענען. „— האָסט עפּעס געמאַכט דאָרטן אויפֿן שפּרונג? — מאָגער. — געווען שלעכט אָנגעגעבּן?„, בּימקאָ, גנבֿים.

9. איבּערגעבּן אויפֿצומאָנען. אָ, די התחייבֿותן דעם אינקאַסענט. „איר קענט דאָס וועקסל אָ, פֿאַר געלט„, מעשׂה פֿון איין גליקליכע אַלמנה, לעמבּערג 1898. „געהאַט אַ האַרץ און געוואָלט אָ', ווען מיר קומט ניט אַ גראָשן פֿון אים", י. גוידאָ, דער סאָוועסט איז פֿערפֿאַללען, ווילנע 1894.

1O. אַרײַנרעכענען. אָ, אין חשבּון אַלע הוצאָות. אָ, אין נדן אויך (דעם) רח"ש [= געלט פֿאַרן רבֿ, חזן, שמשׂ]. אָ, אין יחוס עפּעס אַ רבֿל פֿערדס פּוס, פּאָדקעוועס אַן אייניקל

(טשׂוועקל). *אָ, אין נ ד ן = אויסרעכענען מעלות פֿון אַ זאַך בײַם אָנבּאָטן.

11. שטיפֿן און טומלען. אויפֿהייבּן אַ טומל, אַ סקאַנדאַל. וואָיעווען. *אָ, מ ע שׂ י ם. "ווײ וואָס די רעקרוטן האָבּן דעמאָלט אָנגעגעבּן אין שטעטל". „די קינדער גיבּן אָן מעשׂים".

אָנגעבן זיך — ← דפֿוו. אָ, זיך פֿאַר אַן אינספּעקטאָר. זיך אָ, פֿאַר אַ גאַנצן קנאַקער, פֿאַר אַ יאַ־טעבע־דאַם. אָ, זיך פֿאַר אַ פֿרײַנד און אונטערשטעלן אַ פֿיסל. אָ, זיך אין דעמיסיע = דעמיסיאָנירן, רעזיגנירן. „דער גאַנצער קאבינעט האָט געכטן זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע„, צ'. „אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל ייִדן האָבן זיך אָנגעגעבן [= דערלאַנגט אַ בקשה אָנגענומען צו ווערן] אין אוניווערסיטעט“, שע, אַלטנײַ כתרילעווקע. "ער איז אַרײַנגעגאַנגען צום אַנטרעפּרענאָר און האָט זיך אָנגעגעבן פֿאַר דעם גערימטן אַרטיסט וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער וועלט“, שמעון בעקערמאַנן, דער מאָרגען שטערן, אַדעס 1884. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אָנגעבעטלט — אַדי, פּאַר אָנבעטלען ←. אָ, ברויט. אָ'ע גראָשנס. „קומען צו דער חורבֿה כאָטש אַוועקלייגן דאָס אָ'ע פּעקל“, פּרץ, שטעט און שטעטלעך. ־ערהייט.

אָנגעבעטן — אַדי, פּאָר אָנבעטן ←. אַן אָ'ענע טובֿה. דער אָ'ענער בעל־טובֿה. אָ'ענע פֿאַרלאַנגען. „ער איז ניט געקומען אַליין, ער איז געווען אַן אָ'ענער„. "דער קבֿרות־מאַן איז געווען אָ, די זאַך זאָל זײַן בסוד“, יעקבֿ־מאיר

ליפֿשיץ, אַ וואָלוועלער ביסין, ווילנע 1892.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּענטשט — אדי, פּאַר אָנבּענטשן ←.
אַוועק אַן אָ'ער. „ס'איז אָנגעגרייט גאָטס ליכט,
מײַן אָ'ע ערד“, א א, 'די הייל, ־ערהייט.
.
־קייט.
אָנגעבּעצעוועט — אדי, פּאַר אָנבּעצעוועט
(זיך) ... אַרויסגיין אָ,.
אָנגעבּער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער
עס גיט עפּעס אָן. בּקשה־אַ'. מסירה־אָ'. „ס'

זײַ1453

נען דאָ [אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן] צוויי
מיליאָן ייִדיש־אָ',„ הל, טאָג, 11 2 19 X. ספּעצ
מיטן בּ8 [אָנגעבּן]. „אַן אָ, גיט אָן די
גנבֿים וואו ס'ליגט עפּעס באַהאַלטן: געלט...
טײַערע חפֿצים.... ווען דער אייגנטימער פֿאָרט
אַוועק... אויף וואָס פֿאַר אַ שלעסער ס'איז
פֿאַרמאַכט,„ בּימקאָ, גנבֿים. 2. ווער עס שיקט
עפּעס איבּער דורך פֿאָסט. ־ערײַ.
אָנגעבּערגלט — אַדי, פּאַר אָנבּערגלען ←.

אָ'ער זשוויר. „... שאָטנס פֿון אָ'ע זעק
קאַרטאָפֿל, תּבֿואו, כלאַוונע קאַגאַן, אויפֿן ט .ד,
וואַרשע 1935 ־ערהייט.

.

אָנגעבֿערדעוועט — אַדי, פּאַר אָנבֿערדעווען
←. אָ'ע פֿעדעם. אַרויסגיין אַן
אָנגעפֿעלצטער, אַן אָ'ער.
אָנגעבֿע'רן — טרוו. געבֿער אָן, ~געבֿערט.
.. אָנגעבֿאָרן.
אָנגעבֿערשטלט — אַדי, פּאַר אָנבֿערשטלען
←. אָ'ע האָר. אָ'ע פֿעדעם. "בּאַקן... אָ, מיט
אַ בּרודיק־בּלוילעכן, נישט ראַזירטן אָנוואוקס„,
פּנחס גאָלדהאַר, דערציילונגען פֿון
אויסטראַליע, מעלבורן 1939.
אָנגעבּראָטן — אַדי, פּאַר אָנבּראָטן ←. אָ'־
ענע גענדז און קאַטשקעס. אַן אָ'ענער אויף
דער זון. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּראַכט — אַדי, פּאַר אָנבּרענגען ←.
פּפֿ: ,געבּרענגט. אָ'ע מתּנות. אָ'ער
פּראָוויאַנט. אָ'ע סחורה. אָ'ע מסירה. אָ'ע קרענק.
אָפּט אָ, וו ע ר ן = אויך: 1. אָנגעפֿעסטיקט,
צוגעפֿעסטיקט ווערן. „ציגל האָבן ניט אַלעמאָל די
זעלבע גרייס און די זעלבע פֿאָרמע, דאָס

ווענדט זיך אָן דעם אָרט וואו די ציגל ווערן
אָ',,, א. ש. זאַקס, דאָס לעבן פֿון פּלאַנצן;
2. צוגעבראַכט, צוגעשיקט ווערן. ,,אַז דער
מענטש האָט שוין דאָס זײַנע ממלא געווען,
ווערט ער אָ, אָן מלך מלכי־המלכים הקב,,ה,,,
ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא 1819, ב/ב.
־ערהייט.
אָנגעבראָכן — אַדי, פֿאַר אָנבּרעכן (זיך) ←.
אָ'ענע מצה. אַן אָ, טעפּל מיט אַ שטשערבּ.
אָ'ענע צווײַגעלעך. זינגען מיט אַן אָ'ענער
שטים. אַרומגיין מיט אַן אָ, געמיט, אַ
טרויעריקער. ,,אָפּשנײַדן די וואָרצלען וואָס זײַנען
קאַליע, אָ, אָדער קראַנק", רעד, מ. וועללער,
ווי מען פּלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. אַן
אָ'ענער = אַ געבּריכטער. אַן אָ'ענער ט אָ ג =
אַ געפּטרטער (עס אַרבּעט זיך ניט, מען איז
אין אַ שלעכטער שטימונג). ק ר י ג ן אָ, די
בּיינער. —ערהייט. ־קייט — ,,פּאַר
מידקייט און גרויסער אָ, ווערט זי אינגאַנצן
אָפּגעשוואַכט,,, הירש דאָבין, אַפֿ דער
ווײַסרוסישער ערד, מאָסקווע 1947.
אָנגעבראָקט — אַדי, פֿאַר אָנבּראָקן ←.
אָ'ע שטיקלעך בּרויט. אָ'ע לאָקשן. אָ'ע ליגנס.
"וואָס פֿאַר אַ טעם וואָלט געהאַט פּסח־בּאָרשט

אָן אונדז, אָ'ע מצה?״, שע. „אַן עסן אַזאַ:
הייסע געזאַלצענע וואַסער מיט שוואַרצע
שטיקלעך ברויט און ציבעלע אָ, — אָט דאָס איז אַ

אָנגעברייט

מיכע„, חנה לעווין, קליייניקייטן, באַרדיטשעוו
1933. ־ערהייט ־קייט.
אָנגעבראַקנ(י)עט — אַדי, פֿאַר
אָנבראַקנ(י)ען ←. אויפֿגעלאָפֿן, אָנגעשוואָלן. אַ
פֿאַרבלוטיקטע, אָ'ע נאָז. „אַן אָ'ע טימעניצע
איבערן גאַנצן קעפל„, ייִל. „זײַן גאַנצער אָ'ער
קערפּער מיטן שווערן קײַלעכדיקן קאָפּ״, נ.
לוריע, בריקן ברענען, כאַרקאָוו 1929. „
אַלעמאָל האָט דער פּוס אויסגעקוקט אָ', (
אָנגעלאָפֿן)״, שלמה סײמאָן, טמז, 5 IX 1958. „די
פּ אַטעס זײַנען שוין אָ, ווי קישעלעך, און ער
י
גייט נאָך אַלץ„, אי. קיפּניס, פֿרייד.
אָנגעבראַקעוועט — אַדי, פֿאַר אָנבראַקעווען
←. אָ'ע כלים. „אויף מזרח־וואַנט אַן אָ'ער
מזרח, אָנגעמאָלט מיט לייבן... וואָס זענען
פֿאָכאָזשע אויף פּיפּערנאָטערס״, ייִל, דאָס

משלחת, זשיטאָמיר תּרל,,ו.

אָנגעבּר▯גזט — אַדי, פּאַר אָנבּרוֹגזן (זיך)
←.   אָן אָ'ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז.
זיצן (אַרײַנקומען, אַוועקגיין) אַן אָ'ער. אַן אָ,
פּנים. ,,... מאַכט דער אַשמדאַי עפּעס ווי אָ'‘‘,
ממוס, קליאַטשע. ,,גיט ער זיך בּאַלד אַ ווענד,
דאָס מאָל מיט אַן אָ'ן שטערן,,, זש, שקלאָווער
קינדער. ‘‘דער צומאָרגנס איז געווען אַן אָ'ער,,,
יהושע פּערלע, 'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי'.
אָפּט מיט ז ײַ ן & וו ע ר ן. ,,מענטשן ווערן
בּייז, אָנגעבּלאָזן, אָ',,, שע, יוסילע מאָלאָוויי.
,,ווען דו בּיסט אָ, — בּײַס אַ קישן‘‘ פּוול.

,

—ערהייט.   ־קייט — אײַנזאַפּן דעם
פּאָטערס אָ'.
אָנגעבּרודיקט — אַדי, פּאַר אָנבּרודיקן ←.
אין אַן אָ'ער שטוב.   ־ערהייט.   ־קייט.
אָנגעבּרויזט — אַדי, פּאַר אָנבּרויזן ←.
אָ'ע געטראַנקען. צעכּעסטע, אָ'ע קעגנערס.
‘‘מיט פּאַרטײַעטקייט איז אָ אַיעדער אָרט

,

דאָרט‘‘, פּמ, מלחמה I.
אָנגעבּרוינט — אַדי, פּאַר אָנבּרוינען ←. אָ'ע

זעמעלעך. אָ'ער טאָסט. אַן אָ'ער פֿון דער זון.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעבּרוקירט — אדי, פֿאַר אָנבּרוקירן ←.
אָ'ע גאַסן. ־ערהייט — לאָזן די גאַסן
ניטאָ, ־קייט.
.
אָנגעבּריט — אַדי, פֿאָר אָנבּריִען ←. אָ'ע
מילך. אָ'ע טיי. ־ערהייט.
אָנגעבּרייט — אַדי, פֿאַר אָנבּרייטן ←.
צוגעגרייט, אָנגעגרייט. גרייט. אַן אָ'ער אויף
קרבּנות. "טאָכטער פֿון בּבֿל, די אָ'ע צו
פֿאַרוויסטונג", תּי, תּהלים, קלז, 8. „בּיסט דער
גאָטגעזאַלבּטער נבֿיא, בּיסט דער אָ'ער פֿירער",
יהואָש, 'עלי און שמואל'. בּאר התּורה פֿאַר
טײַטשט 'איש עתּי, (ויקרא, טז, 21): „אָ'ער
מאַן".
געוויינלעך מיט ז ײַ ן , צזוו. זײַן אָ, צו
עפּעס. זײַן אָ, צו קומען (טאָן). "בּין אָ, צו
טאָן דעם אייבּערשטנס בּאַגער". מלמדישער
טײַטש (אין פּאָד): 'הנני, — „איך בּין אָ'". "זיי
זאָלן זײַן אָ, אויפֿן דריטן טאָג", תּי, שמות,
יט, 11. "ווּעסטו קיין תּשובֿה טאָן, צו דער

טיר פֿון גיהנם ווערסטו אָ, זײַן,,, צור,
בּראשית. ,,זעך [= זע], זיא זײַנן אַן גיבּרייט דיא
דורות אַחרונים דז דיא תּורה ווערט פֿר געשׂין
ווערין פֿון זייא,,, נצ1, ויקרא ו/ב. ,,עשׂ זײַן
שיני פּאַלשין [= פֿאַלאַצן] פֿר אײַך אַן גבּרייט,,,
מהמ, אַמשט 1722, ריט/ב. ״די צײַט אין אָ,,
די ישׂראל זאָלן געשטראָפֿט ווערן״, עמוס,
וואַרשע תּרל״ה. ,,אַלע נשמות ון די וואָס
..
זענען אָ, צו קומען אין לעבּן אַרײַן״, אַש,
תּהילים־ייִד. —קייט — דינסט־אָ'.
אָנגעבּרייט — אַדי, פּאַר אָנבּרײַען ←. פּפֿ:
-
 י'געבּרײַעט. אָ'ע ליגנס. אָ'ער מעד. אָ'ע
מצה. ־ערהייט.
אָנגעבּרילט — אַדי, פּאַר 'אָנבּרילן'. וואָס
איז מיט בּרילן. ,,די אויגן — אָ'ע, אין אַ הוט
ווי אַ פֿויגלנעסט״, סיראָטינער איבּז, פּעטקע
דער אַדמיראַל, מינסק 1931.
אָנגעבּרענגט — ← אָנגעבּראַכט.
אָנגעבּרענט — אדי, פּאַר אָנבּרענען (זיך) .
אָ'ער אויוון. אָ'ער אײַזן. אַן אָ'ער שטיין צד

בשרן כּלים. אָ'ע עסנס. אָ'ע קאַשע, אַן אָ'ער
טאָפּ. אַן אָ'ער פֿון דער זון. „מיט וואָס דער
טאַפּ איז אָ, — דערמיט (מיט דעם) שטינקט
ער“; „מיט וואָס דער טאָפּ ווערט אָ, —
דערמיט שמעקט ער“; „דער שאַרבּן שטינקט תּמיד
נאָך דעם וואָס דער טאָפּ איז אָ'“, שוו. „דשׂ
איז ניט גינוק גיזלצין, דשׂ שטינקט נאָך רויאך,
דשׂ איז אַן גיבּרענט...“, בּראַנט, פֿרק מג.
“רבּי זירא... האָט זיך גיזעצט אין פֿײַאר אונ,
איז ניט אַן גיבּרענט גיווארן“, ה, כז/ג. „
געזוכט האָבּ איך אין זיך אַ וואָרט אַן אָ, און

גע

פֿונען“, הל, אין טרעבּלינקע... וו ע ר ן
אָ, = ווערן אָנגעצונדן.
אָ'ע ג ר י ץ — מיט מעל און פֿעטס (פֿוטער
אָדער שמאַלץ) דעם אָנבּרען געפֿרעגלט אויף
אַ פֿאַטעלניע; אויך: אַ בּיסל צוגעבּרוינט מעל
און גערייִשעכץ פֿון געפּרעגלטע ציבּעלעס
(אויך מיט קאַרטאָפֿל). אָ'ע ז ו פּ — פֿון
קאַרטאָפֿל מיט פֿאַרבּרוינט מעל (מיט אַ פֿעטס).
“ווי מן קאָכט אָ'ע זופּ... מוזן זיי מאַכן צוויי
בּרכות“, שלחן ערוך, ח“ב, זשאָלקעוו? אָנהייבּ

19. י״ה. אַן אָ, ה ע מ ד — אַ שלימזל וואָס
עס גייט אים תּמיד מיט דער פוטער אַראָפּ.
לאָקל (וולאָצלאַוועק). אָ'ע מ ו ז י ק — אָ'ע
זופּ.

אָנגעבּרענטס — דאָס, ־ן. 1. דזוו
אָנגעבּרענטע גריץ & אָנגעבּרענטע זופּ. פֿאַררײשטע
גריץ. 2. שפּײַז וואָס איז צוגעפֿאַלן צום
באָדעם פֿון טעפּל און האָט זיך צוגעבּרענט. עס
שמעקט אָ,. ״די שענק שמעקט מיט קרויט, אָ,
און ווילגאָטש״, אָפּא, ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ

אָנגעגאַנגען — אַדי, פּאַר אָנגײן ←. די
אָ'ע דעבּאַטע.

אָנגעגאָנערט — אַדי, פּאַר אָנגאָנערן ←.
אַן אָנגעבּלאָזענער, אַן אָ'ער. ״וואָס בּיסטו אַזוי
אָנגעצויגן, אַזוי אָ,?״.

אָנגעגאָסן — אַדי, פּאָר אָנגיסן (זיך) ←.
אָ, וואַסער. אָ, קוועקזילכּער. אָ'ענער בּעכער.

זאַפֿט־אָ'ענע פּירות. אָ'ענע זאַנגען. אַ פֿעטע,
אַן אָ'ענע מאָרדע, אַן אָ'ענע מיט חן. אַ סאָד,
אָ, מיט ריחות. אָ'ענע אײַטערס פֿון דער קו.
אַ שמייכל, אָ, מיט חכמה. אַן אָ'ענער = א) אַ

עטלײַבּיקער; בּ) אַ געזעצטער, רואיקער;
ג) שיכּור. .אַן אָ'ענע = אויך: אַ שוואַנגערע.
*דער קאָפּ, אָ, (ווי) מיט בּלײַ = א) בּײַ אַ
שטאַרקן קאָפּווייטיק; בּ) ווען מע קען ניט, מען
איז אומפּעאיק צו טראַכטן. די פּיס זײַנען אָ,
(ווי) מיט בּלײַ = מע קען ניט, ס'איז שווער
זיך צו רירן פֿון אָרט. *דו, אָ, שטיק פֿלייש =
טעמפּער, גראָבער.
„דער כּוס פֿון קידוש מוז זײַן ריין
אויסגעוואַשן און פֿול אָ"", חא, נו/א. „מיט אויגן,
אָ'ענע מיט בּלוט, טוט ער זיך אַ לאָז..."', שע,
יוגענד ראַמאַנען. "דער זיידע וואָס א ן
שטענדיק געווען אָ, מיט אימפּעט און האַסט"', יק.
„שווערע, שוואַרצע הענט מיט פּראַצע אָ'ענע"',
הר, מײַן ליכטיקע נסיעה. "טאַטע־מאַמע,
זיידעס... די העלדזער אָ'ענע מיט ניגון — און
זיי זינגען"', הל, 'אַזוי ווי דורכן שלאָף'.
־ערהייט — לאָזן די גלעזער אָ'. ־קייט
— "די אָ, מיט נאָגנדיקן ווייטיק האָט
צוגענאָגלט צו דער פֿינצטערקייט",, אָקרוטני, טמז,
.11 ו III 1953
אָנגעגאָרט — אַדי, פּאַר אָנגאָרטן ←. אַרכ.

"זעלט ער ניט אַן גגאָרט זײַן, ווען ער טוט
זינגן, זעלטן אים זײַנה גדערם און, גאַל אַרויס
שפּרינגן", ר, יואל חזן, ריח ניחוח, פּיורדא
1724 [אַמ, פּנקס I]. „זיא זײַנן אַן גיגאָרט
גיגנגין מיט אירין כּלי־זיין פֿון שמות הקדושים",
נצ1, יז א.
אָנגעגאַרטלט — אַדי, פּאַר אָנגאַרטלען (זיך)
.. אָ'ער חסיד. אָ'ע קאַפּאָטע. „איינער...
אָנגעצויגן אין אַ מין געשטריקט העמדל און
אָ, אין אַ ברייטן פּאַסיק", אַש, אַ שטעטל
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעגאָרטנט — אַדי, פּאַר אָנגאָרטענען..
,

באַדעקט מיט גאָרטנס. אָ'ע בערג.
אָנגעגאָרנט — אַדי, פּאַר אָנגאָרענען ←.
אַן אָ, געבײַ. אָ'ע ליגנס. "זון, אויף גאָרנס אָ,,
גליט אויף אײַזן און בעטאָן", עק. „ווען אַן
ענגלענדער קוקט אויף אַזאַ אָ'ן דײַטשן זאַץ,
איז אים נאָך מער פֿריקרע ווי דעם פֿראַנצויז
אָדער דעם רוס,,, מוו, ייִשפּ II, 4. ־קייט.
אָנגעגוידערט — אַדי, פּאַר אָנגוידערן זיך
.. אַן אָ'ע דאַמע. אַ שטײַפֿער, אַן אָ'ער,

האָט ער געשוויגן. „די בעקלעך זײַנען
פֿאַרפֿלאַמט, דאָס פּנימל — אָ'", י שרײַבמאַן, סאָוו,
היימלאַנד, 9 1967, No. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעגורט — אַדי, פֿאַר אָנגורטן (←). "600
מאַן, אָ, מיט כּלי־מלחמה", תּ', שופֿטים, יח, 11.
„און, זעקס הונדרט מאַן וואַרן אַן גיגורט מיט
(כּלי־זיין)", סהמ, שופֿטים. מיט אָ'ע ל ע נ ד ן.
אַן אָ'ער מיט גלויבן (מסירת־נפֿש, שׂנאה, ווילן
אומגעדולד אאַזוו). „אַן גיגורט אײַער גירטל
און, אײַער שיך אַן אײַערי פֿיסן...", צאינה,
בא. „מיט דײַן צמצומדיקן כּוח אָ', האַסטו

אָנאָנגעגענען

געבוירן די כּלים", הל, אין טרעבלינקע....
"ווידער שטייט מען אָ, און מיט פֿריש
אָנגעקוואָלענעם אימפּעט און מיט באַנײַטער גבֿורה",
ברוך האַגער, מלכות חסידות. ־ערהייט.
— אָ, מיט גבֿורה ־קייט.

.

אָנגעגזלט — [... גאַזלט] אַדי, פֿאַר אָנגזלען
←. אָ'ע פֿאַרמעגנס. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעגלאָזט — אַדי, פֿאַר אָנגלאָזן ←. אָ'ע
פֿענצטער. אָ'ע רעמלעך. אָ'ע קוכנס, באַגאָסן

מיט צעלאָזענעם צוקער. „מיט גליוּוער אָ,
געווּעזן זײַן בליק“, פּמ, מלחמה II. ־ערהייט.
אָנגעגלאַנצט — אַדי, פּאַר אָנגלאַנצן ←.
אָ'ע שטיוועלעך. אָ'ער סאַמאָוואַר. —ערהייט.
־קייט.
אָנגעגלאַנצעוועט — אַדי, פּאַר '
אָנגלאַנצעווען'. דזוו דפּוו. „אַליין אַ פּוּכיקער, אָ'ער
כּחורעץ“, נ. קאַבאַקאָוו איבּז פֿון וור, היימלאַנד,
מינסק 1932.
אָנגעגלוסט — אַדי, פּאַר אָנגלוסטן זיך ←.
אָ'ע זאַכן. אָ'ער לוקסוס ־ערהייט.
.
אָנגעגליִט — אַדי, פּאַר אָנגליִען (זיך) ←.
אָ'ער אײַזן. אָ'ער מעסער. אַן אָ'ער
זומערטאָג. אין אָ'ן חלל. אָ'ע ערד. אָ'ע לופֿט. שטעכן
ווי מיט אָ'ע שפּילקעס (נאָדלען). אָ'ע אויגן.
אָ'ע אַטמאָספֿער. אָ'ע אַסיפֿה. “[אים] האָט
עס פֿאַרדראָסן ביז דער סאַמע טיף פֿון זײַנע
אָ'ע געפֿילן“, לייזער קאַצאָוויטש,
הומאָרעסקעס, מינסק 1933. „קיינער האָט זיך ניט
באַוויזן אוי□ן אָ'ן וועג“, מק, 'מוניע דער
פֿייגלהענדלער'. „אָ'ער עכאָ פֿונעם שווײַגן שיסט
אין מיר אַרײַן אַ הייסע פֿײַל„, סוצ, סיביר
„דערגרייכט האָט ער דעם העכסטן גראַד פֿון

דראַנג און אָ'ע דאָרשטן", פמ, מלחמה II. "דאָס
האַרץ פֿון אַ מענטשן דאַרף זײַן אַן אָ'ער
שמעלצאויוון", חג, צמח אַטלאַס. ־ערהייט.
־קייט — „אין אַ צושטאַנד פֿון שעפֿערישער
אָ,", היימיש, תּשרי תּשכ"ג.
אָנגעגלייזט — אַדי, פּאַר אָנגלייזן ←.
„קעגנאיבער אַ פֿענצטער וואָס איז מער
פֿאַרקלאַפּט מיט פּאַניר איידער אָ',....„ בערג,
בײַם דניעפּער II. „זײַן קאַבינעט, וואָס ער האָט
אים באַשטעלט מיט הויך אָ'ע ביכערשאַפֿעס",
נס, ,העשל אַנשעלעס'.

--

אָנגעגנבעט — אַדי, פּאַר אָנגנבֿענען ←
אָ'ע זאַכן. אָ'ער פֿאַרמעגן. אָ'ע אידייען.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעגעבן — אַדי, פּאַר אָנגעבן (זיך) ←.
אָ'ענע מאַטעריאַלן, דאַטעס, ציפֿערן אע. דער
אָפֿיציעל אָ'ענער טיראַזש פֿון דער צײַטונג.
אָנגעגענען — טרוו. געגן אָן, ~געגעגנט.
1. דזוו באַגעגענען. טרעפֿן עמעצן בײַם גיין,
בײַם אָנקומען ערגעצוואו. אָ, אַלטע באַקאַנטע.
כּסדר אָ, דעם זעלביקן שוואַרציאָר. "געפֿינען

אַ מיטל ווי זיך דורכצוגיין און ניט אָ, די
שיינע ווײַבערלעך מיט די מיידעלעך“, ל. לעוויץ,
רפֿאל דעס שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
2. זיך אָנשטויסן אויף עפּעס. זיך אָנטרעפֿן
מיט עפֿעס (וואָס איז ניט געוואונטשן). אָ,

אָנגעגעסן

שווערקייטן, שטרויכלונגען. מיט ז י ך —
אָ, זיך מיט עמעצן פּנים־אַל־פּנים. אָ, זיך און
זיך מאַכן ניט־זעענדיק. אָנגעגעגנט —
פּאַר “די אָ'ע ווײַסרוסן אין די ווײַסע
פֿעלצלעך„, זבֿ ליטע, ווילנע 1914. אָ'ערהייט
— אַוועקדרייען דעם קאָפּ פֿון אים, אָ'.
אָנגעגעסן — אַדי, פּאַר אָנעסן (זיך) ←. „אַ
דאַנק, איך בין שוין אַן אָ'ענער“. „אויף אַ
חתונה איז גוט צו גיין אָ'“, שוו. „אָ',
אָנגעטרונקען, ניט געהאַט צו צאָלן; געכאַפּט דאָס
זעקל מיטן פעקל און אַוועקגעפֿאָרן“, פֿל. „איין
מענש קאַן נט זײַן אַן גיגעשׂין אונ, אַן
גיטרונקן — אונ, ערשט ווערט ניקשׂ אַנדרשט
דרוישׂ אַזו גישט[אַ]נק“, בראַנט, פּרק לו. „ווען
זיי קומען איין מאָל אין יאָר יום־כּיפֿור אין
שול אויף איניקע שטונדן אָ'ענע, רוקן זיי

זיך צו פּתיחה פֿון נעילה, צו שלישי (מפֿטיר
האָבן זיי שוין לאַנג פֿאַרגעסן)", ש. ג. הרכּבֿי,
די געליהענע האַק, באָסטאָן 1911. ־ערהייט
— קומען יום־כּיפּור צו מוסף אָ'. ־קייט.
אָנגעגראַבלט — אַדי, פֿאַר אָנגראַבלען ←.
אָ'ע וואונד. אָ'ע בלעטער. אָ'ע גראָשנס.
־ערהייט.
אָנגעגראָבן — אַדי, פֿאַר אָנגראָבן ←. אָ'ענע
קאַרטאָפֿליעס, בוריקעס אע. אָ'ענע קבֿרים.
אָ'ענע אוצרות ־ערהייט — לאָזן אויפֿן
.
פֿעלד אָ, ־קייט.
.
אָנגעגרוזעט — אַדי, פֿאַר אָנגרוזען ←. די
אָ'ע וואַגאָנען. אָ'ע סחורה. ־ערהייט.
אָנגעגרויזט — אַדי, פֿאַר אָנגרויזן ←.
דזוו אָנגעקרויזט. „אַן אויסגעפּוצטער, די האָר
אָ„„; „אַ פֿאַרקנאַקטער, די האָר אָנגעגרויזט",
י. ליובאָמירסקי איבז, דער שניפּס, מאָסקווע
1932. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעגריגעוועט — אַדי, פֿאַר 'אָנגריגעווען'.
<? אָנגעלייגט אויפֿן האַלדז. אַרומגעוויקלט
אַרום האַלדז. „.... אָנגעטאָן אין זייערע גראָבע
קובעס און די קאָלנערעס מיט די אָפּשלאָגן

זײַען אָ, מיט אַלערהאַנט שמאַטעס פֿון דרילך,
פֿון שטיקלעך צווילך, זעלבסט מיט געלבֿ־
געפֿלעקטע ווינדעלעך,,, אמד, דיא שטאָט הרס,
ווילנע 1868.
אָנגעגרייט — אַדי, פּאַר אָנגרייטן (זיך) ←.
אָ'ע שפּײַז. מאַטעריאַלן, אָ'ע צום בויען. אַלץ
שטייט, (ליגט) שוין אָ'. הענט, אָ'ע צום
ליכטבענטשן פֿון פֿריִער אָ'ע תּירוצים. ,,ווער ס'וועט
.
מיר קומען זאָגן, אַז מײַן חתן גייט, — אַ
רובל פֿאַרן וועג ליגט שוין אָ',, פֿל פֿאָר
, .
אַהיים... עס וועט שוין זײַן איינע אָ'ע פֿערד
דערצו", ליאָנדאָר, נײַער בש, ווילנע 1887, ז,
130. "אַ גרויסער טרונק בראַנפֿן שטייט אַ גאַנץ
שיינער און דערנעבן ליגט זיך אָ, אַ פֿאָלקע
אָן ביינער,,, טעיאַטאָר. ,,די מסירות ליגן שוין
פֿאַרטיק אָ, נאָך איידער די חטאָים זענען דאָ,,,
ממוס, אַ סגולה.... ,,האָט שטענדיק געהאַט
אַן אָ'ן אַקסל פֿאַר אַ פֿור וואָס האָט ד אַקס
,
צעבראָכן,,, אַש, תּהילים־ייִד. אָפּט אָ, ז ײַ ן
& וו ע ר ן , צגז. זײַן אָ, צו קריגן די תּורה.

1455

,,איין פֿערד איז וואול אַן גגרייט צו דער מלחמה“, סהמ, משלי, בא, 31. ,,אַן אייבּיק גרינער איצט איז אָ, פֿון יענער זײַט פֿון אייבּיקייט“, אַלף כּץ, צוק, סעפּט, 1947. ,,די רפֿואה ווערט אָ, (פֿריִער) פֿאַר דער מכּה“, שוו. “וואָס ווערט אָ, — דאָס קומט אָן,,, שוו. ־ ערהייט. ־קייט.

אָנגעגרייסט — אַדי, פּאַר אָנגרײַפֿן ←. זן ־

,,יענער טײַך פֿלעגט אין אָ'ע פֿרילינגס זיך ... אַרויסרײַסן פֿון בּרעגעדיקן צוואַנג“, אַקש, מזרח און מערבֿ, מאָסקווע 1940.

▯

אָנגעגריסן — אַדי, פּאַר אָנגרײַפֿן ←. אַן
אָ, האַרץ. אָ'ענע לונגען־שפּיצן. אָ'ענע
פּאָזיציעס. זיך פֿילן אָ', באַליידיקט. „אונטן, אין
טאָל אַ טיפֿן, ליגט פֿון אומעט אָ, אַ פֿאַראָרעמט
קליינער ישובֿ“, הר, געדיכטע און לידער,
1909. “אויגן, פֿון שרעק און פֿון טויט אָ',
אויגן פ[אַרצווייפֿלונג, געזונקענע שיפֿן“, סעג,
—-

'אויגן'.
אָנגעדאַוונט — אַדי, פּאַר אָנדאַוו(ע)נען (זיך)
←. שוין זײַן אַן אָ'ער נאָך פֿון די יונגע
יאָרן.
אָנגעדאַכט פֿטמ. אַנשטאָט: נישט הײַנט
-----.
געדאַכט. [וואו?]
אָנגעדאַנקט — אַדי, פּאַר אָנדאַנקען ←.
„גענוג צו דאַנקען. וואָס האָב איך דען אַזוינס
געטאָן? איך בין שוין אַן אָ'ער“.
אָנגעדאָסט — אַדי, פּאַר אָנדאָסן ←. אָ'ע
אַרבעט. אַוועקגיין אַן אָ'ער. *ס'איז אָ, אויפֿן

האַרצן (אויף דער נשמה) = אין אַ שווערער,
שלעכטער שטימונג (אומאיידל).
אָנגעדאָפּטשעט — אַדי, פּאַר אָנדאָפּטשען
←. פּפֿ: ~געטאָפּטשעט. אָ'ע
פּאָדלאָגע. אַן אָ, קרעמל. אָ'ע בויד מיט פּאַרשוינען
און פּאַרשוינטעס. „אַן אַכצניאָריק
ייִנגערמאַנטשיק, אָ, מיט תּורה„, ז. מוירער, זײַ נישט
קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. „אַ קליינס
און נידעריקס איז געווען פֿײַווישעס געוועלבל
און אָ, מיט טאָלפֿנס זאַלץ“, איבז, עגנון, אַ
פּשוטה מעע)ה. אויך: ~געדאָפּטשעוועט.
אָנגעדאַרט — אַדי, פּאַר אָנדאָרן ←. אָ'ער
וואורשט. ־ערהייט.
אָנגעדודלט — אַדי, פּאַר אָנדודלען ←. אָ,
ניגונדל. אָ'ע צייכענונגען. אַוועקגיין אַן אָ'ער.
־ערהייט.
אָנגעדויבעט — אַדי, פּאַר אָנדויבען ←.
אָ'ער שפּײַכלער. *אָ'ער ק אָ פּ = אָנגעפּראָפּט
מיט אײַנרעדענישן. „אַז מען אַרבעט שטו[illegible]־
מיט אָ'ע קעפּ, ווי גנבֿים באַהאַלט מען די
אויגן... און וואָס איז די מורא?“, יודל יאָפֿע,
דאָס איידעמל, מאָסקווע 1936.
אָנגעדויעט — אַדי, פּאַר אָנדויען (זיך) ←.
אַרומגיין אַ ברוגזער, אַן אָ'ער. אָ'ע רעדער

פֿון ראָווער. „אתרוגים סוחרים קערן זיך
אום... און זייערע בײַכער זענען אָ, פֿון כּעס„,
איבּז, עגנון, טמז, 24 1968 XI. „די ערשטע פֿאָר
טעג בּיסטו געווען פֿריילעך, און איצט
גיי..

אָנגעדענקען

סטו אַרום אַן אָ'ער„, ש. סײמאַן, טאָג, 1958
7 I.
אָנגעדולט — אַדי, פּאַר אָנדולן (זיך) ←.
מיט אַן אָ'ן קאָפּ. אין אַן אָ'ער שעה —
ער.
הייט. ־קייט — „די פּוסטקייט און אָ, פֿון
זײַן פֿאָרעם אין פֿאַרבּינדונג מיט זײַנע
אינהאַלטן“, קעגן אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס
אינ דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג, קיִעוו 1932.
אָנגעדונגען — אַדי, פּאַר אָנדינגען (זיך) ←.
אָ'ע בּאַדינערס. אָ'ער מלמד. דאָס אָ'ע
לערןייִנגל. אויף אָ'ע קעסט ־ערהייט. קייט.
.

-

אָנגעדוסט — אַדי, פאַר אָנדוּפֿן'. אָנגעזאַפּט

,

מיט גוטע ריחות. ''אויף פֿאַרשיידן־קאָליריקע טעפּעבער אויסגעשפּרייט, מיט בשׂמים אָ, און אויסגעשמירט'', ווייספּע, קאָוונע, אַפּריל 23 1.

אָנגעדורעט — אַדי, פאַר אָנדורען ←. מיט

אַן אָ'ן קאָפּ. אָ צעטומלטער, אַן אָ'ער -

ער.

הייט. ־קייט.

אָנגעדײַט — אַדי, פאַר אָנדײַטן ←. אַ פֿון

-

-

סאַמע אָנהייב אָ'ער אויספֿיר. ''די פּראַקטישע פֿאַרענטפֿערונג פֿון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין דעם נאָר וואָס אָ'עטן זין'', זשיט I, נ''י 1912.

אָנגעדיכט — אַדי, פאַר אָנדיכטן ←. די

אָ'ע לויבלידער לכּבֿוד דעם פֿירער. אויך:

געדיכטעוועט.~
אָנגעדיכטעוועט — אַדי, פּאַר '
אָנגעדיכטעוועןֹ'. נעאָל. וואָס איז געדיכט, ענג
אָנגעשטעלט, אָנגעפּראָפּט (מיט מענטשן). "דער
פֿלאַץ וואו עס האַלטן זיך אויף די גנבֿים, די
גאַסנמוידן... איז געווען אָנגעשטעלט און אָ'",
בּאַש, גימפּל תס.
אָנגעדיקט — אַדי, פּאַר 'אָנדיקן'. לאָקל (
קאָלאָמיי). וואָס האָט אויף זיך אַ שיכט שטויבֿ,
שמוץ. דאָס אָ'ע מעבּל אין דער אַלטער דירה.
אָנגעדעכט — אַדי. וואָס איז מיט אָנדאַכט
(←). אָנדעכטיק (←). "מיט זייער צונג
לייקענען זיי גאָר צו אַן אַנדער מחשבֿה, דען זײַן
האַרץ איז ניט אָ, צו הקבֿ,,ה [,ולבּו בּל נכון
עמו']", לט2, כב/א.
אָנגעדענק — דער, ־ען. 1. אָנדענק,
סוּווענירֹ. קריגן אַ טײַערן אָ'. 2. דערמאָנונג.
שיקן אַן אָ'־פֿאָטאָגראַפֿיע. אַן אָ'־בּריוול. 3.
געדענקעניש. געדעכעניש פֿרגל: אָנדענק. אויך:
.
דאָס אָ'ען. נר.
אָנגעדענקען — טרוו. געדענק אָן, ~
געדענקט. געדענקען אַ סך זאַכן, קליינע
פּרטים. אָ, אַלץ ווי עס איז פֿאָרגעקומען. געבּן

אַ זאַך צום אָ'. געוויינטלעך מיט ז י ך —
,,אַ גוט קעפּל, אַ מהרש אָ־קעפּל, מע זאָל עס
''
קענען אַלצדינג זיך אָ,,,, ייִפּאָל, 29 1887, No.
,,דער גוטער־יאָר קאָן זיך הײַנט אָ'...'', דער
אַקציזינק, זשיטאָמיר 1868. ''איז עס דען
אַ מענטשלעכע זאַך אָנצוגעדענקען זיך אַז מע
האָט צו טאָן מיט אַזוי פֿיל מענטשן'', וו. און
ס, איבּז, די מע)ה פֿון דעם שטיקעלע בּרזיט,
זשיטאָמיר 1896. ,,ווען בּהלה, וואָס בּהלה? —.

אָנגעדראָדלט

ווער קען זיך זיי אַלע אָ'?'', ממוס, שלמה.
,,אָ, זיך צו ווענען וואָסער משכּון עס געהערט
— האָט מען בּאַדאַרפֿט האָבּן אַ קאָפּ פֿון אַ
מיניסטער'', שע, פֿונעס יאַריד. ־עכ ן.
־עניש.

אָנגעדראָדלט — אַדי, פּאַד אָנדראָדלען ←.
פּפֿ: ~געדרודלט [← אָנדרודלען]. ,,ס'ווײַב

האָט באַגעגנט דעם מאַן אַן אָ'ע", אָפּאַ, 'שמחהס
לעבן'. „דאָס אייביק אָ'ע אייוועלע האָט
אַרײַנגעשלונגען דאָס לעצטע ברעטל", פּײַוול מיטאָ,
אַט דאָס זײַנען מיר, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעדראָט — אדי, פּאַר אָנדראָטן ←. פּפּ:
~געדראָטעוועט. אָנגעצויגן,
דורכגעצויגן מיט דראָט. צעריסענע, אָ'ע שיך. אָ'ע(וועטע)
פּאָליצעס, די כּלים זאָלן ניט אַראָפּפּאַלן. „די
שפּיצן מויערן מיט געדויש פֿון ראַדיאָ־
שטאַנגען ווי האַרפֿן אָ',,, ב לאַפּין, דער פּולער קרוג
אָנגעדראָלן — אַדי, פּאַר אָנדראָלן ←. אויך:
~געדראָלט, זן. אָנגעשוואָלן.
אויפֿגעלאָפֿן. אָנגעיוירן. אָנגעבלאָזן. אָ'ענע אויגן פֿון
צו ◌יל שלאָף. צעבריטע, אָ'ענע און צעברענטע
פֿינגער פֿון דער קעכין. אָ'ענע ברעמען. "די
מאָרדע האָט זיך בײַ אים געשאָקלט פֿונעם
שטאַרקן בלוט־שלאָגן אין די אָ'ענע אָדערן",
זש, נח פּאַנדרע. „מיט אָ'ענע בלויע ליפּן קוים
אַרויסגערעדט: וואַסער!,,, יהושע פּערלע, 'נײַן
אַזייגער אינדערפֿרי'. "דער אָ'ענער בויך האָט
זיך אַראָפּגערוקט ווי אַ פּולער זאַק", רחל קאָרן,
ערד. "איז דער סטאָליער צוגעגאַנגען צום
האָלץ־סוחר אַ נאָך מער אָ'ענער", חג, טמז,

.X 19 4 9

אָפּט מיט ז ײַ ן & וו ע ר ן. „די הויט [פֿון שטעקן] ווערט אָ, מיט אָדערלעך, באַדעקט זיך מיט קנאָספּן“, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'. „דער נאָמען 'ייִד, ווערט ווידער מיט פּחד און מיט שׂנאה אָ'“, מבֿאָ, דער גייער. „לייזקען איז די נאָז פֿאַרלייגט, עפּעס אָ'“, ממוס, שלמה. „עפּעס ביסטו מיר זייער אָ,“, שע, בלאָנדזענדע שטערן I. “האָט זיך שווערלעך געעפֿנט די טיר וואָס איז געווען אָ, פֿון פֿײַכטקייט“, ייִז,...

קארנאָווסקי. קללה: אָ, און אָנגעשוואָלן זאָלסטו ווערן!

„— געשטאַנען מיט אָנגעדראַלעוועטע באַקן, מיט קישעלעך אונטער די אויגן“, אָפּאַ, ,אין אַ קאַלטער נאַכט.. “אָנגעדראָלעוועטע טעג רוקן זיך אויף נאַסע בײַכער“, אפּא, דער רויטער אָדים.

אָנגעדראָלעט — שטייען איינער קעגן אַנדערן אָ, ווי הענער. *ס'איז אָ, אויפֿן האַרצן = אָנגעזאַלצן, אָנגעדאָסט אויפֿן האַרצן. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעדראַפּעט — אַדי, פּאָר אָנדראַפּען ←. אָ, פּנימל. אָ'ע קאָרע. „אַ שטיקל צײַטונג־פּאַפּיר

מיט אָ'ע ווערטער אין דע קווער פֿון
טעקסט...,,, א. סטרעליץ איבּז, שאָלאָכאָוו,
אוי געאַקערטע רויערד, בּאַרדיטשעוו 1937.
־ערהייט.

1456

אָנגעדראָשן — אַדי, פּאַר אָנדרעשן ←. פּפֿ:
~געדרעשט. אָ'ענע תּבֿואה. אָ'ענע ליגנס.
־ערהייט.
אָנגעדרודלט — אַדי, פּאַר אָנדרודלען (זיך)
← אָנגעבּלאָזן, בּרוֹגז(לעך). אָנגעצויגן.
אָנגעהעצט. אָנגעסטראָיעט. אַרומגיין אָ', מיט אַ
נאָז. זײַן אָ, אויף עמעצן. ,,וואָס גייסטו אַן
אָ'ער? מע דאַרף דיר נאָך אַרויסצאָלן?״. אָ,
ווי (אַ פּאָר) הענער. ס איז אָ, אויפֿן האַרצן.
אַרײַנקומען מיט אַן אָ, פּנים. ,,איך ליג אַן
אָ'ער, אויף דער נשמה איז מיר בּיטער,
פּאַסקודנע״, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. ,,מומעניו,
וואָס זענט איר אַזוי אָ, אויף מיר?״, שע, 'מלך
און מלכּה'. ״אַן אָ'ער שטעלט בּער אויף אים
צוויי בּיסטרע אויגן אָן״, הר, הרודעס. ־
ערהייט. ־קייט.

אָנגעדרוקט — אַדי, פּאַר אָנדרוקן ←. אָ'ע
ביכער, באַגריס־קאַרטלעך. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעדריידלט — אַדי, פּאַר אָנדריידלען ←.
אָ'ע האָר. אַן אָ'ע חתימה. „אַן אָ'ער פֿון אַ
רכילותניק, האָט ער מיט מיר ניט געוואָלט
רעדן". ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעדרייט — אַדי, פּאַר אָנדרייען ←. אָ'ע
פֿעדעם. אָ'ע ספּרונזשינע פֿון ווינט אָ'ער באַרג

□

שניי. אָ'ער זייגער. □ אָ'ער גראַגער (זייגער,
ספּרונזשינע, פּומפּעדיקל) = ווער עס רעדט וואָס
אַנדערע האָבן אין אים אַרײַנגערעדט. □ זאָל דיר
זײַן אָ, = מעגסט בלײַבן בײַ די נאַרישע
געדאַנקען וואָס דו חזרסט איבער. □ קריגן אַן אָ'ן
אויער = כאַפּן אַ פּסק. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעדרינ(ד)זשעט — אַדי, פּאַר
אָנדרינ(ד)זשען ←. אַן אָ'ער טאָפּ מיט אַ שפּאַלט. אָ'ער
שאַרבן. אָ'ע כלים. "[דעם חזנס שטים] איז
געוואָרן אויף דער עלטער צעבראָכן און אָ'",
הר □ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו
1934. "דער יונגער... איז שוין היפּש אָ,
[= אָנגעשטעקט] מיט אַפּיקורסות", א □ א, טמז,
1966 □ יI 10. „עט, מײַן געזונט איז שוין אָ'".

אָנגעדריקט — אדי, פּאָר אָנדריקן ←. אָ'ער
פּעדאַל פֿון קלאַוויר. די אָ'ע ביינדלעך פֿון
קלאַוויר. אָ'ער פֿוס. אָ'ע מאַזאָליעס. ס'איז אָ,
אויפֿן האַרצן ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעדרשנט — [... דאַרשנט] אַדי, פּאַר אָנ
דרש(ע)נען ... אָ'ע שטותעריַיען. אָ'ער מוסר.
אָנגעהאָדעוועט — אַדי, פּאַר אָנהאָדעווען
.. אָ'ע געגדז און אינדיקעס. אָ'ע
קינדערלעו. אָ'ע טאָמאַטן. אָ, מיט ביליקן שונד. "אַ
געזונטע,... גוט אָ'ע בהמה וועט זיך ניט אַזוי
לייַכט אָנשטעקן", ק. סורין [איבּז], וואָס דאַרף
וויסן אַ פּאַסטעך..., פּאָלטאַווע 1932. ־
ערהייט.
אָנגעהאַט — אַדי, פּאַר אָנהאָבן ←. אָ'ע
קינדער. אָ'ע אָנשיקענישן, קרענק אע. ־
ערהייט.
אָנגעהאַט(י)עט — אַדי, פּאָר אָנהאַט(י)ען
.. אָ'ע כלים. אָ'ע אַנטיק־זאַכן.
אָנגעהאַלטן — אַדי, פּאַר אָנהאַלטן (זיך) ←.

אָנעהויבּן

אָ‍ענע משׂא. אָ'ענער סטרײַק. קינדער וואָס
זײַנען אָ, בײַ אַ מלמד. אָ'ענע טראַדיציע. אָ'ענער
כּעס, ברוגז אע. אָ'ענע ליבע. "בייזע און אָ'ענע
קרענק", תּי, דבֿרים, כח, 59. "דער וואָס איז
עוסק בתּורה... איז אָ, אין דעם עץ־החיים",
נצ2, צג/א. —ערהייט. ־קייט.
אָנגעהאַנגען — אַדי, פּאַר אָנהענגען (זיך) ←.
פּ‍: ~געהאָנגען. אָ'ע בילדער. אַן אָ,
קמיעלע אויפֿן האַלדז. וועש, אָ, אויפֿן בוידעם.
אָ'ער צונאָמען. אָ'ער עול. אַ טעפּעך
אויסצולופֿטערן, אָ, אויף דעם געלענדער. "דו גייסט
דאָך די שליסעלעך אָ'האָנגען", עט, סערקעלע.
„... אַ פּלאַכטע, אָ'האָנגען אָן אַן
איבערגעלייגטן דראָנג", ווײַס I, 'אַ פּאָמעניק'. „אַ
בעזמען מיט אַן אָ'ער משׂא", זש קיסר און רבי I.
„פּסוקים אָ אָן דער אומבאַנומענקייט פֿון דײַן
,
סודותדיקן ווילן", מבאָ, דער גייער. ־
ערהייט. —קייט.
אָנגעהאַנדלט — אַדי, פּאַר אָנהאַנדלען ←.
אָ'ע סחורה. אָ'ע מציאות. אָ'ע בילדונג ־
ער.
הייט. ־קייט.

▯

אָנגעהאָסטן — אַדי, פֿאַר אָנהעפּטן ←. אָ'־
ענע טישטעכלעך. אָ'ענער מגן־דוד. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגעהאַקט — אַדי, פֿאַר אָנהאַקן ←. אָ'ע
שײַטן האָלץ. די אָ'ע נעגל. אָ'ע מזוזה. אָ'ע
אייער (לעבערלעך, הערינג אע). אָ'ער הינטן.
אָ'ע ליגנס. *אָ'ע י אָ ר ן = שווערע, ביטערע.
אָ'ער ק אָ פּ = צעטומלט, מיט אַ קאָפּווייטיק.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעהאָרבעט — אַדי, פֿאַר אָנהאָרבען ←.
אויך: ~געהאָרבט, נר. אָ'ע פּלייצע.
אָ'ער קעמל. אַ משׂא, אָ, אויפֿן רוקן. אָ, מיט
זאָרגן. "די האַרבסטיקע בלאָטעס... זײַנען
געבליבן שטעקן... מיט אָ'ע האַרט־קלינגענדיקע
הרודעס", נט, משפּחה מאַשבער. „איך זע די
שטעט און שטעטלעך, אָ'ע אין טאָלן", אלף כּץ,
אַמאָל איז געווען אַ מע▯ה ־ערהייט.

▯

־קייט.
אָנגעהאָרכט — אַדי, פֿאַר אָנהאָרכן (זיך) ←.
אָ'ע מעשׂיות. אָ'ע עכאָס. דאָס אָ'ע האַרץ.

־ערהייט. ־קייט.

אָנגעהאָרעוועט — אַדי, פּאַר אָנהאָרעווען (זיך) .. אָ, האָבּ־און־גוטס. אָ'ע טעג און יאָרן. אָ'ע חולאת. "די אָ'ע מענטשן, אָפּקאָנטשענדיק זייערע אַלע אַרבּעט...,,, י"ד [יעקבֿ דינעזאָן], דער דונער און דער בּליץ, ווילנע 1874. "שבּת... ווען דער אויסגעמוטשעטער, אָ'ער מלמד רוט אויס זײַנע צעכּראָכענע בּיינער", חבֿרה מ יצי ה)כּלה אַ פּאָר ווערטער צו יודישע עלטערן ווענן חדר, ווילנע 1914. ,,דאָס רויטע בּלוט און אָ'ע הענט", הר, מײַן ליכטיקע נסיעה. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעהובּלט — אדי, פּאַר אָנהובּלען ←. פּפּ: ~געהובּלעוועט. אָ'ע בּרעטער. — ערהייט.

אָנגעהויבּן — אַדי, פּאַר אָנהייבּן (זיך) ←. אָ'ענע אַרבּעט. אָ'ענע זיצונג. אָ'ענע מלחמה.

אָנגעהויכט

אָ'ענע אונטערנעמונג. אָ'ענע גמרא. אָ ענער וויכּוח. *אָ'ענע מ י ל ך = וואָס מע האָט שוין

▯

פֿון איר אַראָפּגעגנומען שמאַנט. „איבער אַן
אָ'ענער חלה איז ניט גוט המוציא צו מאַכן„,
שוו [= מע זאָל נעמען פֿאַר אַ ווײַב נאָר אַ
בתולה.] „אַקעגן אים אויפֿן טיש זיצט אַ
גרויסער... פּורים־קוילעטש, אַן אָ'ענער שוין„,

שע, מע▯יות פֿאַר איד, קינדער II. „רבי:
וויבאַלד דו האָסט ניט קיין צוויי חלות אויף לחם
משנה? — תּלמיד: מעג מען מאַכן קידוש
איבער איינע אַ גאַנצע, און באין־בּרירה מעג מען
אַפֿילו מאַכן איבער אַן אָ'ענע“, סשי I, עט.
—ערהייט. ־קייט.
אָנגעהויכט — אַדי, פּאַר אָנהויכן ← פֿיג.

▯

באַווירקט. אָ'ער אָטעם. אָ, מיט שטימונגען.
אָ, מיט פֿאַנטאַזיע, מיט טראַדיציע. ווערן (זײַן)
אָ, מיט לעבן, לעבנסלוסט. „יונגעלײַט...
איניקע זײַנען געווען ליטעראַריש אָ'„, אַר, 'דער
נײַער לעזער. „איר געזיכט איז עכט צאַרט
און אַ הימלישע רויטלעכקייט איז אָ, אויף
אירע באַקן„, מ. יודעלסאַהן, דיא בעטראָגענע
ליעבע, ווילנע 1913. „ווי אַזוי וועט אַ

ציוניסטיש [?] אָ'ער אַמעריקאַנער האַנדלען...,,, גרינ,
איד און וועלט. ,,ניט בלויז ירושלים, נאָר דאָס
גאַנצע לאַנד איז אָ, מיט אייביקייט,,, מ.
שטריגלער, איק, 1968 XII 13. ,,איז אַפילו די שווערע
אינזיכיסטישע פּאָעזיע אַ סך מער אָ, מיט
ייִדישער מקורותדיקייט ווי די מאָדערניסטישע
ישׂראל־פּאָעזיע [?], י. גובקין, פּאָר, 31 1963 I.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעהויפּט — אַדי, פּאַר אָנהויפּן ←. אָ'ער
באַרג היי (שניי, בלעטער אאַזוו). ,,לענג־אויס
דער הינטערשטער וואַנט [פֿ[?]ן דער סטאָדאָלע]
איז געלעגן אָ, אויסגעדראָשן שטרוי", שטערן,
מינסק 1932, No 10־11. ,,גרויסע אַקטיאָרן...
זײַנען גובֿר די הונדערטער קלייניקייטן וועלכע
זײַנען אָ, אויף דער סצענע,,, מוק, טעאַטער
און אידיש טעאַטער. ,,אונטער דער בימה וואו
די שיימעס ליגן אָ, אין קופּעס", ש. סײַמאָן,
טאָג, 17 1957 XI. ,,אַלדאָס גוטס ליגט אָ, בײַם
זוים פֿון ניט־געפּרוּווטן וועג", יוסף ראָלניק, גש.

-

פּפּ: ~געהויפּנט — אַדי, פּאַר

אָנהויפֿענען. אָנגעשאָטענע, אָ'ע בלעטער. אָ'ע נעאָלאָגיזמען. אָ'ע גוטע כּוונות. „צעריבן געהילץ [ליגט] אָ'"‚ אפֿא‚... שקיעה. „‚... האָט עס געלייגט אויפֿן אָ'ן בערגל ערד‚„ מ. אהל‚ איק‚ ר‚‚ה תּשכ‚‚א. „געווען דער שײַטער איז מיט דוֹרות אָ‚"‚ פּמ‚ מלחמה II. „דער ווינטער איז געקומען בײַז‚ מיט שנייען אָ'‚„ רובֿ‚ מגילת רוסלאַנד. [דער צווייטער פֿאָרעם דאַרף געהערן די בכוֹרה.] ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעהויקערט — אַדי‚ פּאַר אָנהויקערן (זיך) ←. אָ'ע אַלטע לײַט. גיין אָ'. אָ'ע סתּירות. "טראָגן אויפֿן אָ'ן קראַנקן קאַרק דעם ביטערן‚ האַרטן גלוֹת"‚ דר‚ יעקבֿ טשערני‚ קול יעקבֿ‚ באַרדיטשעוו 1897 ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעהוליעט — אַדי‚ פּאַר אָנהוליען ←. אָ'ע חבֿרה. „אָנגעטאַנצטע‚ אָ'ע זײַנען זי

אַוועקגעי

פֿאַלן טויט־מידע‚„ ־ערהייט ־קייט.

־

. .

אָנגעהורבעט — אַדי‚ פּאַר אָנהורבען ←.

„דער שניי איז אָ, ביז די פֿענצטער“, ייִש

„דער שניי [איז] געלעגן אָנגעקוילערט און אָ,

אין פֿאָרעם פֿון אַ באַרג',„ הל, טאָג, 1948

2 XII.

אָנגעהייליקט — אַדי, פּאַר 'אָנהייליקן'. וואָס האָט אַרײַנבאַקומען, אײַנגעזאַפּט אין זיך הייליקייט. „ס'רײַסן זיך פֿון אַלע עקן וועלט מיליאָנען טויבן, חלומדיקע. ניגון־אָ'ע נשמות„, אצג, מעפּֿיסטאָ.

אָנגעהייצט — אַדי, פּאַר אַנהייצן ←. אָ'ער אויוון. אָ'ע שטוב. אָ'ע געמיטער. אָ'ע געשעענישן. הייס ווי אין אַן אָ'ן קאַלכאויוון. “ שעדלעך איז צו שלאָפֿן אין שטאַרק אָ'ע צימערן„, דר, מ. גאָטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע 1908. „דאָס שולעכל, אָנגעוואַרעמט און א, פֿון האַרצגעשרייען, האָט זיך געפֿונען

...

אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט„, אַש, תּהילים־ייִד.

־ערהייט. ־קייט.

אָנגעהימלט — אַדי, פּאַר אָנהימלען..

אָנ,

געוואָרפֿן, אָנגעלייגט, עס זאָל זיך אַרויסהייבן.

„דער גרויסער... שרײַבטיש וואָס איז געווען

אָ, מיט בערג צײַטונגען“, נ. גאַלדבערג, היימיש,

יולי 1958.
אָנגעהיצט — אַדי, פֿאַר אָנהיצן ←. אָ'ער עולם. אָ'ע שטימונג. אָ'ע פֿאַנטאַזיע. אָ, לײַב. אָ'ע קראַנקע אויגן. „געלאַכט האָט ער מיט אָ'ע קוילן„, אפֿא, גילדענע שקיעה. ־
ערהייט — "אײַזן לאָזט זיך שמידן אָ, בעסער ווי קאַלטערהייט", מ. זאַבלודאָווסקי, פֿיזיקע, ביאַליסטאָק 1929 ־קייט.

.

אָנגעהענגט — ← אָנגעהאַנגען. „העט זיא אַלי אַן גי הענגט אַן אייני וואַג שאַל„, אַלכּסנדר סענדער עטהויז, בית יtראל ובית הבחירה, אַמשט 1724.
אָנגעהעפֿט — אַדי, פֿאַר אָנהעפֿטן ←. פֿפֿ:

~געהאָפּטן (←). פֿאַראַזיטן אָ'ע אָן לײַב (בוים). אָ'ע מגן־דודלעך. "כּל־זמן אַ זאַך איז אָ, [אָן באָדן] נעמט זי ניט אָן קיין טומאה".
„אופֿט מאָל איז איין גוטר פֿרײַנד מער אַן גיהעפֿט אַז איין ברודר„, חה, אַמשט 1716, קנג/א. „איין איבר ליט [← איבערליד] פֿון איין כלי דז שטאַרק אַן גיהאפּפֿט איז", מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג 1721, עה/א. „פֿרטשילך טאָר מן ניט טראָגן אַן שבת... נייארט עז מוז

פֿר שבת ווערן אַן קלייד אַן גהעפֿט“, עח, מה/ג.
„אין קאַנט פֿון קווייטנבעט זײַנען ס'רובֿ אָ,
פֿינף שעלכל־בלעטלעך“, ד. האָכבערג איבז,
אָטאָ שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1922. „די
אָרעמס הענגען אויף מײַן נאַקן ווי צווײַגן אָ,
מיט רײַפֿע אויפּס“, יהואָש, 'אין טאַנץ'.
—האָפֿטענערהייט ־האָפֿטנקייט.

.

אָנגעהעצט — אַדי, פֿאַר אָנהעצן ←. אָ'ע
באַנדע. אָ'ער הונט פֿאַנאַטישער המון, אָ, ◻ון

. „
די בילער, פֿון די שלעכטע צײַטונג־שרײַבער“,
דער רײַזענדער, וואַרשע 1883 ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעהערן

אָנגעהער — דער, ־ן. דאָס וואָס מע גיט צו
הערן. דאָס וואָס מע קען (דאַרף) אַרויסדרינגען
פֿון רייד פֿון אַן אויסטײַטש. אָנצוהעעניש.

,
אַ מעשׂה (משל) מיט אַ קלאָרן אָ'. “ווען דער

אָ, איז שטאַרק איז ווי אַ קלאַפּ אין קאַרק,,,
שוו. אומאיידעלער אָ': "דודו איז אויבן און
כּוש איז אונטן,, פֿוול.

,

אָנגעהערט — אַדי, פּאַר אָנהערן (זיך) ←.
אָ'ע מעשׂיות. אָ'ע וואונדיירים. אָ'ע נײַסן. אָ'ע
רכילות. ,,לידלעך און ווערטלעך... אָ'ע פֿון
זייערע דײַטשן", יע)ראָל קאַפּלאַן, שליאַך און
אומוועג. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעהעריק — אַדי. וואָס געהער צו, וואָס
איז שייך צו, וואָס באַלאַנגט צו....
צוגעהעריק. שייכדיק. די אָ'ע דעטאַלן. מיט די אָ'ע
מיטלען. אָפּט סוב: דער אָ'ער צום פֿאָלק
(קלאַס, גרופּע אאַזוו). ,,רבנים, דיינים, שוחטים
און אַנדערע צו יענעם מין אָ'ע", נס, משפּחה
מאשבער. ־יקייט — פֿאָלקישע (רעליגיעזע
אָ'. קלאַסן־אָ'.
אָנגעהערן — אוטיִו. געהער אָן [אַזוי קען
אויך זײַן 3טע פּערזאָן], ~געהערט. 1.
צוגעהערן צו אַ גרופּע, זײַן אײַנגעשלאָסן אין אַ
גרופּע. אָ, צו אַ משפּחה פֿאָלק פֿאַראיין,
אָר, ,
גאַניזאַציע אאזוו זײַן אַ מיטגליד פֿון אַ
משפּחה. "די שנור אין דער דאָזיקער פֿאַמיליע

האָט אָנגעהערט שואל... אַ שוועסטער", ממוס, שלמה. 2. אַרונטערפֿאַלן אונטער אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע. זײַן אײַנגעשלאָסן אין אַ טייל פֿון אַ קלאַסיפֿיציר־סיסטעם. „וואַל ש יש זײַנען ניט קיין פֿיש, זיי געהערן אָן צו די זויגערס". "רויזן און עפּלביימער געהערן אָן צו דער זעלביקער פֿאַמיליע„. 3. געהערן צו עפּעס, זײַן אַ טייל פֿון עפּעס. אָ, צו אַ באַוועגונג. „דער נײַער פּלאַן וועט אָ, צו דער וויכטיקסטער קאָמיסיע פֿון סיים„.
4. האָבן אַ שײַכות צו עמעצן אָדער צו עפּעס. *וואָס געהער מיר אָן = א) וואָס איז שייך צו מיר; ב) פֿון מײַן שטאַנדפּונקט. „וואָס געהער מיר אָן אַז זײַן זיידע דער צדיק..., ווען ער אַליין איז אַ טויגניכטס", ש. וואָלצענאָק, דער באַקאַנטער דאָקטאָר, וואַרשע 1882. „וואָס געהערט אָן סאָציאַליסטן, קאָן איך ניט אָפּלייקענען דאָס צום גרויסן פֿאַרדרוס געפֿינען זיי זיך אונטער ייִדן אויך", ב. א. זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט III, וואַרשע 1887. „אָסור זיך... צו קריגן, מכּל־שכּן זיך נישט צו קריגן זאָלכע קריג וואָס נישט דיר אָנגעהער", ר, יצחק האַמבורגער איבּז, פלא יועץ, ווילנע 1889. „איך וויל פֿאַרגעסן אַז איר האָט מיך עפּעס

אָנגעהערט“, ה. עפּפּעלבּערג, דער קרבּן, וואַרשע תּרס“ח. „ניט אָנגעהערט האָט שוין קיין האָפֿענונג און קיין געפֿאַר אים“, פּמ, מלחמה I.
5. בּאַלאַנגען, געהערן ווי אַן אייגנטום. די נחלה וועט אָ, דעם יורש [דאַטיוו]. „פֿון אַלן וואשׂ אים אַן גהערט אין דעם הימל,,, קאל, לבֿ בּנים אַל אבותם □ האַלע 1732 □ „,... צווישן דעם רינג הײַזער וואָס האָט אָנגעהערט צו ר, חיימען,,, ממוס, שלמה.

אָנגעהרובּעט

מיט ז י ך — צו בּבּ 3 — 1: „בּעסער זיך אָנצוגעהערן מיט דער רביצין איידער מיטן רבֿ“, שוו. “האָט הערשעלע געמיינט: גרויסע זײַנען עפּעס אַן אַנדער מין וועלט און קליינע זײַנען פֿאַר זיך אַ וועלט — און די דאָזיקע בּיידע וועלטן געהערן זיך איינע מיט דער אַנדערער ניט אָן“, ממוס, ווינטשפֿ. “מע שאַפּט זיך מיט איר אַזעלכע אַרבּעט וואָס געהערן זיך אָן מיט לויטער ייִדישקייט,,, שע, קליינע מענ־טשעלעך... “זײַן ווײַבּ געהערט □ זיך אָן אַ לײַבּלעכע שוועסטער מיט...“, לייזער קאצאָוויטש, הומאָרעסקעס, מינסק 1933.

צום בּ4: צום עסק (ענין, געשעפֿט אע) געהער
עס זיך ניט אָן. "ער טוט זײַן שליחות און
ווײַטער געהערט זיך עס צו (מיט) אים גאָרניט
אָן". "מיט דעם לערנען, מיט דעם דאַוונען
געהער עס זיך כּלל ניט אָן , ממוס, שלמה.
,,זיי האָבן גאַרניט אַנגעהערט זיך מער מיט
די האַלדזיקע אָריענטאַלישע געזאַנגען", ייִז,
בּרידער אַשכּנזי. ־עכץ. ־עניש.
אָנגעהרובּעט — ← אָנגערובּעט. ,,אַ
העלער... לאַמטערן בּאַלײַכט די אָ'ע רויטע ציגל",
עליע קאַהאן פֿאַרשיידענע דערציילונגען, מינסק
,

.1940
אָנגעהרוזעט — ← אָנגעגרוזעט.
אָנגעוואויגן — אַדי, פּאַר אָנוועגן ←. אָ'ענע
סחורות. אָ, און אָפּגעמאָסטן. "זייער געוואוי אָ,
און איבּערלייגט, ווײַל יעדן טאָג זאָג איך דאָך
צוויי מאָל 'ואָהבת'", עקרבא יוסף שלעזינגער,
עמוד היראה, קאַשוי 1866. ־ערהייט.
—קייט.
אָנגעוואוינט — ← אָנגעוויינט.
אָנגעוואוירן — אַדי, פּאַר אָנווערן ←. פּפֿ
~געוואָרן. דאָס אָ'ענע געלט. דאָס אָ'ענע

גליק. דער אָ'ענער פֿאַרמעסט. ‟האָט איטלעכע
אָ'ענע זאַך פֿון זײַנע שטיבער אַרויס ווידער
אָפּגעפֿונען זיך,,, עוזר וואַרשאַווסקי,
כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924. ‟געציילט דעם
פֿעדערפֿלאַטער פֿון יאָרן אָ'ענע“, א. שומיאַטשער,
אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט ־ערהייט.

.

־קייט.
אָנגעוואונטשן — אַדי, פּאַר אָנווינטשן (זיך)
←. אָ'ענע ברכות. דאָס אָ'ענע גליק. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגעוואונען — אַדי, פּאַר אָנגעווינען ←.
דאָס אָ'ע געלט. ־ערהייט.
אָנגעוואונקען — אַדי, פּאַר אָנווינקען ←.
נאָר אָ'ע רמזים, אָנצוהערענישן. אַן אָ'ע עצה.
,,די הילכיקע... סאַטירע... איז פֿאַרביטן
געוואָרן מיט דער קוים אָ'ער איראָניע פֿון אַ
נאָמבערג און אַ בעל־מחשבֿות,,, שנ,
דערציילערס און ראָמאַניסטן II. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעוואַלגער — דער, ־ס. גרריסער
אָנוואַלגער (←). ,,אָט ווערט [דאָס טײַכל] גאָר
פֿאַרפֿאַלן אונטערן געדיכטן אָ, פֿון די ביימער וואָס
זײַנען אומגעפֿאַלן בעת אַ שטורעם“, ט. גען,
סאָוו, היימלאַנד, 5 1968, No.

אָנגעוואַלגערט — אַדי, פֿאַר אָנוואַלגערן (זיך) ‎. אָ'ע קלעצער. אָ'ער בוי־מאַטעריאַל. עס ליגט אָ'. אַ טיש, אָ, מיט פּאַפּירן. אָ, וועש. "דער הימל איז אָ,... מיט שווערע כמאַרעס". עליע שעכטמאַן, אַ ן שיידוועג, כאַרקאָוו 1930. "האָט זיך אין רוסיש טאַקע אָפּגעזעצט אַזאַ ביסל... אָ'ע טערמינעס", ע. ספּיוואַק, אַפּֿנ שפּראַכפּראָנט, קיִעוו 3 ,1935־4. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעוואַליעט — אַדי, פֿאַר אָנוואַליען ←. אַן אָ'ער באַרג בראָכוואַרג. אָ'ע ביכער, מאַנוסקריפּטן. ,,ברענג אין אָרדענונג, זע ווי דײַן טיש איז אָ',,. "אָפּגעראַמט דעם אָ'ן שניי אַרום זײַן גאַניק", חג, צמח אטלאַס ־ערהייט ־קייט.

I

.

אָנגעוואָלן — אַדי, פֿאַר אַנוועלן ←. פֿפּ: ~געוועלט. אָ'ענע מילך.

אָנגעוואָלקנט — אַדי, פֿאַר אָנוואָלקענען (זיך) ←. אָ'ער הימל. אָ'ע טעג. אָ'ע מחשבֿות. אָ'ע פֿילאָסאָפֿיע. ,,זײַ נישט אָ, קעגן אָרעמע אורחים. נעם זיי אויף מיט אַ פֿריילעך פּנים",

[מ. ע. ביילינסאָן איבז], רבינו אַשר, ארחות חיים, אַדעס 1898. „נעכט, אָ'ע מיט פּחדים און אַנגסטן, הענגען איבער די שטיבער“, בּ. האַגער, איק, ר“ה תשכ“ז. ־ערהייט. —קייט.
אָנגעוואָנדן — אַדי, פּאַר אָנווענדן ←. פּפֿ:
י.„געווענדט. די אָ'ענע מיטלען. עס איז אָ, אין יענעמס מסכּים זײַן דערצו.

-

אָנגעוואָסנט — אַדי, פּאַר אָנוואָפּענען ←.
אָ'ע חיילות. שטיין אָ'. אָ, מיט גוטע בּאַווײַזן, מיט וויסן. “אָ'ע מענער מיט געווער זײַנען אַרײַן“, איבז, ראָם, דער איינגילשער גענעראַל, וואַרשע תּרמ“ד. „זי איז אָ, מיט איר גאַנצן צירונג“, ממוס, צוריק אַהיים. „זיי גייען אָ, מיט כּלי־זיין פֿון שטוב צו שטוב„, שע, 'פּורים'.
„דער פֿאַקט שטייט אַ לעבעדיקער, אַן אָ'ער פֿאַר די אויגן“, זשיט III, נ„י 1917 -
ער—
הייט. ־קייט.
אָנגעוואַקס — דער, ־ן. גרויסער אָדער געדיכטער אָנוואַקס (←). אַן אָ, אויפֿן סאַמע שטערן. געדיכטער אָ, פֿון קשאַקעס.

אָנגעוואַקסן — אַדי, פּאָר אָנוואַקסן ←. פּפּ:
~געוואָקסן. אָ'ענע ווילדגראָזן. אָ'ענע
פּירות. ווענט, אָ, מיט שימל. אָ'ענער פּראָצענט.
דיק־אָ'ענע ברעמען. „געפּינט זיך [בײַם קעמל]
אונטער די קאָפּיטעס אַן אָ'ענע הויט, ווי ווייכע
קיסעלאך [= קישעלעך]", אמד, די ווימטעניײַא
זאַהאַראַ, ווילנע 1868. "קערנדל אמת...
אינאיינעם מיט דער געדיכט־אָ'ענער שאָלעכץ
פֿון... גוזמאָות", שנ, קריטיק און קריטיקער
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעוואָרן — אַדי, פּאַר אָנווערן ←. לד. פּפּ:
~געוואוירן (←). אָ'ענע פּאַרמעגנס,
כּוחות. אָ'ענע גליקן. אָ'ענע האָפֿענונג. „זיך
אַראָפּגעקײַקלט פֿון וואָגן... ווי צוויי אָ'ענע
זעק", ע גאָרדאָן [אַקש, רעד, 14 אָקטיאַבערס,
מאָסקווע 1931] ־ערהייט ־קייט.

אָנגעוואַרעמט — אַדי, פּאַר אָנוואַרעמען (זיך)
←. אָ'ע שטוב. אָ'ע מאכלים. אָ'ער

געלעאָנגעוויזן

געד. אין אַן אָ'ער שטימונג. רייַבן דעם גוף
מיט אָ'ע האַנטעכער. די אָ'ע פּרילינג־ערד. "עס

האַנדלט זיך וועגן אַ חלום וואָס איז אָ', וועגן
אַ פֿאַנטאַזיע וואָס איז אָנגעהיצט“, בֿ. ריווקין,
ה. לייוויק.... ‟רייד הנאָהדיקע, אָ'ע אויף
הייסער צונג“, הל, לידער פֿון אומקום. ‟זײַן
גאַנץ ווערק איז אָ, מיט דער היץ פֿון יוגנט“,
ד. שובֿ פֿאַש, 6□19 □ 1 ־ערהייט — ‟אָ,

, .

איז אויפֿגעפֿרישטערהייט“ ־קייט — אָ,

.

פֿון געפֿילן.

אָנגעוואָרף — דער, ־ן. אויך: □י.,געוואַר□ .
קאָנטיקער אָנוואַרף (←). אַן אָ, פֿון חפֿצים.
,,אָ, פֿון קראָמען, געשעפֿטן. נעאָן־ליכטער,
רעקלאַמעס“, מ. דלוזשנאָווסקי, פֿאָר, 18 IX 1968.

--

אָנגעוואָרסן — אַדי, פּאַר אָנוואַרפֿן ←.
אָ'ענע זאַכן. אַ קעלער, אָ, מיט קוילן און האָלץ.
אָ, געצײַג. בלומען, אָ'ענע אויפֿן קבֿר. אַן
אָ'ענע אַרבעט. אָ'ענער רעזשים. אָ'ענער שרעק.
אָ'ענער פּלאַן. □זײַן אַן אָ'ענער = אַן

איבעריקער, זײַן צו לאַסט. אַ שטיפֿקינד, אַן אָ'ענער.
אָ'ענע עלטערן = וואָס אַדאָפּטירן (אַ יתום).
"גענוג כלעבן אָ, צו זײַן און ליגן אַלע
אַנדערע פֿעלקער אויף דעם קאַרק ווי אַ שווערער
שטיין,,, ממוס, אַ סגולה.... ,,די אַמאָל
געטאָקטע... אותיעלעך... זענען איצט געווען
אָ, פֿון אַ ציטערדיקער האַנט", נאָמ, 'דאָס
רבישע אייניקל'. "וואָלקנס אויף וואָלקנס, ווי
אָ'ענע בית־מדרש־האַנטעכער..."״, א. וויעוויאָר
קאַ, הימל און ערד, לעמבערג 1909. ,,אָ',
אָנגעשאַרט זײַנען ביינער דאָרט געלעגן", אַר,
אין טאָל'. ,,בערג און בערג פֿון טעאָרעטישע
פּלפּולים זענען געווען אָ, אויף די צוויי
פּראַקטישע פּראָגראַמען", זשיט IX, נ"י 1919.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעוואָרצלט — אַדי, פּאַר אָנוואָרצלען'.

וואָס האָט געלאָזן וואָרצלען. וואָס שטייט אַזוי
ווי צוגעוואָרצלט. ,,מע זאָל ניש עסן ברויט פֿון
נײַע תּבֿואה, ווען די תּבֿואה איז ניש אָ, געוואָרן
פֿאַר דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן,,, ספֿר המצות,
ווראָנאָוו 1935. ["ער] אַלס הירש איז געשטאַנען
ווי אָ', דען דער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד איז
אים געבליבן", אַ שיינע היסטאָריע פֿון די

פּרינצעסין עדינאַ, וואַרשע 1885.
אָנגעוואַשן — אַדי, פּאַר אָנוואַשן (זיך) ←.
אָ, פּנימל. אָ'ענע וועש. —ערהייט.
אָן געוואַשן — דזוו אומגעוואַשן.
אָנגעוויגט — אַדי, פּאַר אָנוויגן ←. דאָס
אָ'ע קינד. אָ, מיט צוזאָגן ־ערהייט.
.
־קייט.
אָנגעוויזן — אַדי, פּאַר אָנווײַזן ←. אָ'ענער
(אויס)וועג. אָ'ענע שטעל אין ספֿר. אָ'ענער
ספֿר. די אָ'ענע אומשטאַנדן, סיבּה. אַרײַנקומען
אין אָ'ענעם געשעפֿט. די אָ'ענע ▯ עלערן. אָ'ענע
דאַטע. ווי אויבּן אָ'. „זי איז אַרײַנגעקומען אין
דעם אָ'ענעם הויף וואָס מע האָט זי געוויזן“,
ג. ה. לעוונער, דער צווייענדיקער תּנאָים, ווילנע
1897. „די אָ'ענע זאַלצן זײַנען פֿון פֿאַרשיידענע
מינים...„ פֿגעז, ווילנע ▯ 193 4, No. „די שאַרף
,

אָנגעווייט

פֿון אַלע שפּיצן איז אין [= אויף] מײַן האַרצן
אָ'„, האַל, מײַן אוצר.
אָ , ז ײַ ן — זײַן אָפּהענגיק פֿון. אָ, זײַן

אויף קהל. אָ, זײַן אויף בעטלבֿרויט. ‟איז דער קליינהאַנדל כּמעט אינגאַנצן אָ, נאָר אויף דעם ייִדישן קויפֿער„, זשיט I, נ״י 1912. „אַלץ שוואַכער ווערן מיר, אַלץ מער וו ע ר ן מיר אָ, אויף רחמנות„, אַ. גאָלאָמבּ, דעם מאָרגן אַנטקעגן, מעקסיקע 1948. ‟זײַט איר אָ, בלויז אויף דער הכנסת־אורחים פֿון די אָרעמע אײַנוואוינער‟, גרינ,... טאָגבוך. „די קבֿוצה איז געווען אָ'... אויף אירע אייגענע פֿאַרדינסטן‟, בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. ־ערהייט — בלאָנדזשען אַפֿילו אָ'. ־קייט — אָ, אויף פֿרעמדער אַרבעט.

אָנגעווייט — אַדי, פּאַר אָנווייען ←. אָ'ע ריחות. אָ'ע שטימונג. אָ'ער שניי. אָ'ע השפּעה. „קלינגען מיט טענער, אָ'ע... פֿון דעם היימישן פֿעלד פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור‟, ליטע, ווילנע 1919, העפֿט 2. „זײַנע שרײַבעכצן זײַנען אָ, פֿון אַלטע העברעאישע ביכער‟, בערג, בײַם דניעפּער II. „די הייסקייט איז בײַ אונדזערע דיכטער דאָך אַן אָ'ע, אַ פֿרעמדע, אַן אַרויפֿגעצוואונגענע‟, שנ, שרײַבער אין סאָוו'־פֿאַרבאַנד. ־ערהייט. —קייט.

אָנגעווייטיקט — אַדי, פּאַר אָנווייטיקן ←.

פּפֿ: י„געווייטאָגט. אַן אָ, האַרץ. אָ'ע

נשמה. אַן אָ אָרט. אָ'ע באַדערפֿעניש פֿון לעבן.

,

-

אַן אָ'ע פֿראַגע (פּראָבלעם). אָ'ער ענין (פּונקט).
פֿון אַן אָ'ן נאַציאָנאַלן שטאָלץ“, זשיט III,
...,,
נ,,י 1912. ,,אַזעלכע אָ'ע נשמה־רעכנקעס“,
ווײַס II, ,דער איבערגאַנג'. ,,פ[אַרשיידענע אָ'ע
-

דערשײַנונגען ווי ביוראָקראַטיזם,
פּראָטעקציאָניזם...“,... בערשטער שטימע, מאָסקווע
2 1928, No. ,,די סאַמע טיפּסטע און אָ'סטע
יִדישע פֿראַגע“, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות
בית לוי, קעשענעוו 1934. ־ערהייט —
אָ, דערזען אַ פּונק האָפֿענונג —קייט —

.

“קוקן שטאַר אין הימל אַרײַן מיט אַזאַ אָ, וואָס
מע האָט זיי דאָ געלאָזט ליגן,,, וו ִים, 'אַ הייסער
שבת־טאָג'.
אָנגעווײנט — אַדי, פאַר אָנוויינען (זיך) ←.

אָ'ע טרערן. אָ'ע אויגן. „ער וואָס איז אַליין
אַן אָ, געוויין פֿון דורו'‎, אַלף כּץ, איק
16 XI 1955. ־ערהייט — זיך באַרואיקן
אָ'. ־קייט.
אָנגעווײנען זיך — אוטוו. געוויין זיך אָן,
זיך ~געוויינט. אויך: ..„געוואוינען זיך.
זיך צוגעוואוינען. מאַכן עס זאָל ווערן אַ
געוואוינהייט, אַ געוואוינטשאַפֿט. אָ, זיך פֿרי
אויפֿצושטיין. אָ, זיך צו אַ באַשטימטער דיסציפּלין.
אָ, זיך צו אַלע צרות. “האָט זיך שוין איין
מעשׂה רע אַזו לאַנג אַן גיווינט...“ [=
איינגעוויינט?], חה, אַמשט 1716, קיט/א. “פֿון
יוגנט אהן זיך אהן גווינט...“, אבן יראל,
מעץ 1766, ז, א.
אָנגעווייקט — אַדי, פּאָר אָנווייקן ←. אָ'ע
שטיקלעך ברויט. אָ'ער הערינג. אָנגעבלאָזן ווי
אַן אָ'ער שוואָם. אָ'ע לעדער. „זײַן [דעם

מאַנס] מאָגן איז אָנגעשטופּט און אָ, פֿול מיט
פֿאַרשידענע צרות„, מ. מאַראַחאָווסקיא, די
הגדה פֿון אונזער צײַט, וואַרשע 1885. „קום צו

גיין אין נאַכט און רעגן און פֿון אָ'ע ווענן", יוסף ראָלניק, 'גלײַך ווי אַ פֿויגל'. -ערהייט.

אָנגעווינטשעוועט — אַדי, פּאַר

אָנווינטשעוועןꞏ... דזוו אָנגעוואונטשן (ꞏ.).

אָנגעווינען — טרוו. געווין אָן, ~געוואונען.

1. געווינען אַ סך. אָ, אַ מאַיאָנטיק. אָ, בײַ אַלעמען, זיי לאָזן אָן אַ העמד. 2. אַרכ. בײַקומען. גובֿר זײַן. „אם קעז האָט ער שיר אויז גיבֿרוכן די צין. ער קונט אים נישט אַן גיווינן", בבֿא־בוך, 224.

אָנגעוויסן — דער. מצ נבֿ. נעאָל. היפּוך פֿון געוויסן. דאָס אַבסאָלוטע פֿעלן פֿון געוויסן. "דער שוואַרצער שד, דער איינציקער וואָס האָט דעם אָ, געטראָגן דרייסט מיט חוצפּה", סעג, איצטער.

אָנגעוויסנדיק — אַדי. נעאָל, מוו. וואָס איז אָן געוויסן. אָ'ער אויסנאַרער -יקייט.

.

אָנגעוויקלט — אַדי, פּאַר אַנוויקלען ←.

אָ'ער קנויל. אָ'ע רצועות אויף דער לינקער האַנט. אָ'ע מגילה. „געלאָזט אויף דער ערד זײַן ווײַסן קיטל, אָ, ווי אַ קנויל", יהואָש, 'מלך ווינטער'. -ערהייט. -קייט.

אָנגעוווירצט — אַדי, פּאַר אָנווירצן ←. אָ'ע
שפּײַז. רייד, אָ'ע מיט אַנעקדאָטן. "דער שטאָף
פֿון זײַן ליד איז איצט אַ פֿאַרשטאַרקטע
פֿאַר,
שאַרפֿטע... אָ'עווירקלעכקייט,,, בּ. ריווקין,
ה לייוויק.... ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעוועבט — אַדי, פּאַר אָנוועבן ←. אָ'ע
שטאָפֿן. אָ'ע פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות ־
ער.
הייט. ־קייט — אָ, פֿון דער פֿאַבּולע.
אָנגעווענדט — אַדי, פּאַר אָנווענדן ←. פּפֿ:
~געוואָנדן (←). אָ'ע מיטלען. אָ'ע
פֿאָרמל. אָ'ע קוראַציע. אָ'ער טעראָר. ,,אַלץ איז אָ,
אויף ווידערשטאַנד דעם טויט,,, פּמ, מלחמה I.
־ערהייט. ־קייט — ציל־אָ, פֿון עמעצן,
פֿון עפּעס.
אָנגעזאָגט — אַדי, פּאַר אָנזאָגן (זיך) ←.
אָ'ע בּשׂורה, נײַס, ישועה אאַזוו. אָ'ע שליחות,
אויפֿפֿירונג אע ,,ד אַלע אָ'ע מסירות זײַנען
י
גלאַט אַזוי זיך אַ מימרא,,, ממוס, אַ סגולה....
,,כּײַם סוף פֿון אַלע סופֿן ווערט מקח פֿון אַלע
אָ'ע אַדעראָפֿן,,, נחום בּאָמזע, אייבּיק בּליִען
וועט דער טרוים. ־ערהייט — ,,כ'וויל אים

זען ניט אָ',,, דניאל איבֿז, וואָיניטש, די ביהן, ווילנע 1907.

אָנגעזאָדן — אַדי, פֿאַר אָנזידן ←. פּפֿ: י.,, געזאָטן. אָ, וואַסער. אָ, פֿלייש. אַן אָ'ענער זיך וואַרפֿן שלאָגן ־ערהייט ־קייט —

. .

,,האָבן אויסגעלאָדן זייער אָ, בײַ אַ היפּש כיסל שאַמפּאַניער''. יודל יאָפֿע דאָס איידעמל, מאָסקווע 1936.

אָנגעזאָטלט — אַדי, פֿאַר אָנזאָטלען ←. אָ'ע פֿערדלעך. אָ, מיט צרות. אַן אָ'ער מיט

אָנגעזאַלצן

פּעק און פּעקלעך. ,,דאָס פֿערד איז שוין געשטאַנען אָ''', פּרץ, חסידיש. ''איבער סענע זײַנען בריקן אָ''', מאָל, חשונדיקע נעכט. אויך: ברוגז, אָנגעצויגן, אומצופֿרידן, דערדריקט.

,,[ע] נעבעך איז געשטאַנען אָ,, בלייך פֿאַרטראַכט מיט אַן ערנסט פּנים'', ממוס, ווינטשפֿ.

,,מע זיצט ווי אָ, און מע קוקט פֿונדערווײַטנס זיך צו'', אַש אַ שטעטל אויך:

בגילופֿינדיק. ''עפּעס גייט איר מיר אָ'. גייט איר נישט

פֿון אַ באַדעקנסל פֿון אַ בריתל, עפּעס פֿון אַ

,

שׂמחהלע — האַ?,,, ריבֿ,,ל, די הפֿקר וועלט,
וואַרשע תּרס,,ב. ־ערהייט ־קייט.

.

אָנגעזאַטן — אַדי, פּאַר אָנזאַטן (זיך) ←
[געוויינלעכער פּאַר: ~געזאַט]. ,,אָ'ענע מיט
צער, מיט טרערן און געוויין,,, פּמ, מלחמה II.
אָנגעזאָטן — אַדי, פּאַר אָנזאָטן ←, אָנזידן ←.
אָ, וואַסער. אָ'ענער פֿעך. אַן אויפֿגעקאָכטער,
אַן אָ'ענער פֿון די העצעס. ‟מוזן...
אויסשווענקען די דאָזיקע אָ'ענע חיהשע שרעק״, איבֿז
א. האָלאָווקא, פּראָלאָג, קיִעוו 1935. ‟די
דאָזיקע פֿלעמלעך צעשמעלצן אין איר אַזוי
פֿיל אָ'ענעם האַס צו דער ריינערער וועלט״,
אַ קאַרפּינאָוויטש, בײַם ווילנער דורכהויף
*ס'איז אָ, אויפֿן האַרצן = אין כּעס,
אויפֿגערעגט (אָן דער מיגלעכקייט עס
אַרויסצובֿרענגען און ווערן רואיקער). ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעזאָל(י)עט — אַדי, פּאַר אָנזאָל(י)ען ←.
אָ'ע לוזשע. ס'איז אַזוי געזאַלצן, ממש ווי אָ'.
אָ, אויפֿן ה אַ ר צ ן (אויף דער נ ש מ ה) =

אין זייער אַ שלעכטער שטימונג, מיט אַ געפֿיל

פֿון ביטערקייט פֿון פֿאַסקודנעקייט. „זי האָט

,

געוואָלט אויסלאָזן צו די עלטערן וואָס בײַ איר
אויפֿן האַרצן איז אָ'“, ש. ש. גרינפֿעלד, דיא
ארמע געבילדעטע, ווילנע 1896. „און אויפֿן
האַרצן איז איר געווען אַזוי אויך גענוג אָ, פֿון
דעם“, שע, יוסילע סאָלאָוויי. „אויפֿן האַרצן
איז געווען אָ', עס האָט גענאָגט, ממש די כּוחות
זײַנען אויסגעגאַנגען נאָך אַ טרונק בראָנפֿן,,,
נ. ברוסילאָוו, בײַ די טײַכן פֿון פּאָלעסיע.
־ערהייט.
אָנגעזאַלצן — אַדי, פֿאַר אָנזאַלצן ←. אָ,
פֿלייש. אָ'ענע פּרײַזן. אַן אָ'ענער =
אָפּגע
נארטער פֿאַרפּירטער, געמסרטער, באַשטראָ ־

—
,
טער. *אָ, אויפֿן ה אַ ר צ ן (אויף דער נ ש מ ה)
— דזוו אָנגעזאָליעט (דאָך אַ ביסל שוואַכער).
„ווען איך זאָל וויסן אַז עס איז אײַך יעצט

ניט א, אויפֿן האַרץ פֿון ד אַלערליי פלאָגן“,

י

מ. דלוגאַטש, דער לאַכידיגער ווערטיל זאָגער, לעמבערג 1883. “וואָלט ער אַ בעלן געווען אויסגיסן אויף יענעם זײַן כּעס, ווען ס'איז אים אָ, אויפֿן האַרצן“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „עס איז מיר געווען זייער אָ, אויף דער נשמה“, מ. דלוזשנאָווסקי, פּאָר, 26 1961 XI. אויך אָ, אויפֿן ג ע מ י ט. *זײַן, זיצן (ווי) אָ, :: אין אַ געדריקטער שטימונג און אומבאַוועגלעך. „די קינדער זענען געזעסן ווי אָ'ענע, זיי האָבן קיין ווערטער ניט געפֿונען וואָס צו זאָגן“, העני העלפֿמאַן אין אָדעססע, דיא פֿערפֿירטע יוגענד, אַדעס 1893. „אויפֿן האַרצן איז ווי אין פּסוק

אָנגעזאַמלט

שטייט: חלבֿ ודבֿש — אָ, און איבערגעזאַלצן“, פֿול ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעזאַמלט — אַדי, פּאַר אָנזאַמלען ←.
אָ סאַרמעגן. אָ'ע פּאָסטמאַרקעס. אָ'ע כּוחות.
— ,

אָ, וויסן. אָ'ע בּיטערניש. "די אָ'ע קיום־ענערגיע וואָס ייִדן האָבּן אָנגעפֿאַרדינט דורך די אויפֿטועז פֿון אַלע ייִדישע דורות", בּ. ריווקין, אַ גלויבּן פֿאַר אומגלויבּיקע „די דײַטשישע אָ'ע ווילדקייט האָט בּאַוויזן ווי קאַלט־סיסטעמאַטיש זי האָט געהרגעט", סעג, מײַנע זיבּן יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעזאַפּט — אַדי, פּאַר אָנזאַפּן (זיך) ←.

אָ'ער ריח. אָ, מיט אַ ריח. אָ, מיט אַ פֿליסיקייט, מיט אַ גאַז. אָ, מיט פֿײַכטקייט. אָ, מיט צרות, מיט יסורים. אָ, מיט תּורה, מיט ש"ס און פּוסקים. אָ, מיט ▯ײַער און בּלוט. אָ, מיט ייִדישער טראַדיציע, פֿאָלקלאָר. אָ, מיט בּית־מדרש. אָ, ווי אַ ש וו אָ ם. „מיט וואָס עס איז אָ, דאָס טעפּעלע — מיט דעם בּלײַבּט דאָס שערבּעלע", שוו. „די נשמה איז פֿול אָ, מיט דעם גײַסט פֿון איר פֿאָלק", בּעמ I. „מיט שלאָף און דונקלקייט אָ', די צעלטן דרימלען אַלע", הר, געדיכטע און לידער. ־ערהייט. —קייט.

־▯

אָנגעזאַסטיקט — אַדי, פּאַר אָנזאַפֿטיקן ←.

א'ע קוכנס פֿעלדער, בלומען און ביימער, אָ,

מיט טוי״, אנכי, צווישן הימעל און ערד
אָנגעזויגן — אַדי, פֿאַר אָנזויגן ←. אויך:
~געזויגט. פֿפֿ: ~געזייגט. אָ'ענע
קינדער פֿון רעגן אַ'ענע ערד. גוטע מידות, אָ,

מיט דער מוטערס מילך. אָ'ענע גײַסטיקע
ענערגיע פֿון וואַלד, מיט זיסע פֿרישקייט

אָנגע

טרונקען, אָ'״, פֿרוג II. „יעדע גאַס איז
אָנגעזויגט מיט בלוט״, פמ, מלחמה II. ־ערהריט.
־קייט — אָ, מיט גלויבן און בטחון.
אָנגעזויערט — אַדי, פֿאַר אָנזויערן ←. פֿפֿ:
~געזײַערט. אָ'ער ראָסל. אָ'(ע) קרויט.
מיט אַן אָ, פֿנים. ״וואַסער וואָס איז אַ ביסל אָ,
מיט עסיק־זײַערע„ ש. שפּירא, קליידער־
אַרבעריי, וואַרשע 1900 ־ערהייט ־קייט.

אָנגעזויסט — אַדי, פּאַר אָנזויפֿן ←. אָ'ער אַלקאָהאָל. ערד, אָ, מיט בלוט און טרערן. "
געהאַט אַן אָנגעפּאָמפּעטן קאַרק, אַן אָ'ע צורה און אַ פּאָר אײַזערנע ידים", חג, 'דער שטומער מנין'. ־ערהייט. ־קייט.

~געזויפֿן — „געטער־שווײַנען פֿון וואַלהאַלע, אָ'ענע מיט בלוט", הל, „די באַלאַדע פֿון מדבר,. „גיט ער זיך אַ שטשעמע אײַן אין יענעמס אָ'ענעם האַלדז", חג, טמז, 30 1967 I.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעזונגען — אדי, פּאַר אָנזינגען (זיך) ←.
אָ'ע לידער, מעלאָדיעס, ניגונים. אָ'ער מקח.

אַן אָ'ער, אַ געמסרטער. „עס זײַנען
אריפֿגענומען (אָ, און אָנגעשפּילט) העכער צוויי אַ
האַלבע טויזנט מוזיקאַלישע פֿאָלקלאָר־שטיק“, מ
בערעגאָווסקי, ייִדישע אינסטרומענטאַלע
אָלקסמוזיק, קיִעוו 1937. ־ערהייט. ־קייט.

146()

אָנגעזוניקט — אַדי, פּאַר אָנזוניקן ←. אָ'ע
פֿעלדער מיט ווייץ. „אַ מאָרעל מיט רויט־אָ'ע
בעקלעך“, בּ. דעמבלין, פֿאָר, 20 1964 I.
אָנגעזיגלט — אַדי, פּאַר אָנזיגלען ←. אָ'ע
פּאַקעטן. דאָס אָ'ע קוויטל צום נײַעם יאָר. „אַן
גיזיגלט צו... פֿר געבונג און, צו ר צײַאונג„,
עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תק„ח, ז/ג ־ער—
.
הייט. ־קייט.
אָנגעזיגן — אַרכ. דזוו באַזיגן. “אוב איך דען
שטאַרקן היידן אַן גיזיגן קאַן“, שמואל־בוך,
סטראָפֿע 736.
אָנגעזידלט — אַדי, פּאַר אָנזידלען I ←. אָ'ער
חוצפּהניק. „אַן אָ'ע און אָנגעשאָלטענע, [איז
איר ענטפֿער]: עס זאָל נאָר אין ים אַרײַן„,

ש. הויכבוים, אַ יוד, אַדעס 1869. ־ערהייט.
אָנגעזייגט — אַדי, פאַר אָנזייגן ←. דזוו
אָנגעזויגן ..
אָנגעזייט — אַדי, פאַר אָנזייען ←. אָ, פֿעלד.
אָ'ע תּבֿואה ־ערהייט פֿאַרלאָזן די
.---. .
פֿעלדער שוין אָ'.
אָנגעזייט — אַדי, פאַר אָנזײַען ←. אָ'ע
--
לאָקשן. אָ'ער מעד ־ערהייט.
.
אָנגעזייערט — אַדי, פאַר אָנזײַערן ←. דזוו
-
אָנגעזויערט ←. אַ'ע אוגערקעס. „די יידענע
האָט אויסגעגאָסן אַלץ וואָס בײַ איר איז
געווען אָנגעקאָכט און אָ, אויפֿן האַרצן פֿאַר די
גאַנצע צוועלף יאָר,„ ג. ח. לעוונער, דער
שטומער טאַטע, ווילנע 1898. ־ערהייט. ־קייט.

--
אָנגעזייסט — אַדי, פאַר אָנזייפֿן ←. אָ'ע
באַקן אַרן גאָלן. אַן אָ'ער קאָפּ. אָ'ע וועש.

-

אָ'ע דראַטווע. אָ'ער טשינאָווניק = אונטערגעשמירטער. דיין ווי אַן אָ'ער — שפּאַסיק, איר. אַן אָ'ער אויף פֿינף יאָר — באַקומען פֿינף יאָר תּפֿיסה. אַן אָ'ער לעולם ועד — ווער עס האָט באַקומען לעבנסלענגלעכע תּפֿיסה. „צום סוף פֿירט מען דעם יונגן מענטש אויף אַ גליטש אַרויס, מע מאַבט אויס אים חוזק... לאָזן אים שוין אַזוי ווײַט אָ, — לאַכט מען נאָך אויס אים„, ראָבינזאהן II, ווילנע 1880. „אינדערפֿרי איז שטאָט מיט נעפּל אָ"", אַקש, קינדער פֿון איין ▯אָלק, מאָסקווע 1928 ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעזיכט — דער & דאָס. מצ נבֿ.: Mhd gesiht[־1 .an. טוו פֿאַר 'פּנים', ,בפֿני', 'לפֿני„ ווען עס האָט אַ שײַכות צו גאָט. „ער זאָל דער לוייכטן גאָט זײַן אַן גיזעכט צו דיר און, ער זול לוייט זעליגן דיך" ['יאַר ה, פּניו אליך ויחנך'], טח, במדבר, ו, 25. „אַז דו דײַן אַן גזיכט פֿר בערגשׂט, ווערן זיא דר שראָקן" ['תסתיר פֿניך יבהלון', תּהליס, קד, 29], חה, אַמשט 1716, סא/ב [תּי: "פֿאַרבאָרגסטו דײַן

פּנים...“]. ,לחם פּנים, (שמות, כה, 30): ,,דאָס ברויט פֿון אָ'“, תּי.

2. ארכ. געזיכט, פֿנים. אויסזען. אָנבּליק. מראה פֿארנטקייט. “זיא קערן מיר אירן רוקן

□ .

און, ניט איר אַן גיזיבט“, שעריר, ב, 27. “אַלשׂ ער [אַלכּסנדר] זײַן אַן גזיכט אום ווענדט דאשׂ פֿפֿערד צו בּיזעהן,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661, מג.

אָנגעזעטיקט

□tבּ □אַרטײַטשט 'קלסתּר □נים, — “גשט[אַ]לט פֿון אַן גזכט“. ,,די פֿרויא... שלוג זיך אין דז אנגזיכט“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבּעק 1718. ,,עשׂ מאַכט אין שרומפּפֿן אונזר אַן גזיכט אַז איין □לאַם דשׂ שטרוא,,, מחזור ר“ה ויו“כּ, הומבּורג 1721, קסא/א פֿעגיל דשׂ איר אַן

. ,,

גזיכט וואַר גלײַך אַלשׂ איין מענש און, וואַרן רידן (לשון יוון),,, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, כד/ב. ,,האָט זיך המן זײַן אָ, פֿאַרדעקט“, ר, אַהרן מטרי□ש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר“ג, כז/א.

3. (אין פּאָעטישער שפּראַך, אין געהויבּענעם

לשון) דזוו אַרכ. „צי וועט ער דיר נישט
לעסטערן אין דײַן אָ'?“, פּרץ, לידער און פּאָעמען
„און וואו איז דער כּבֿוד פֿון גאָטס אָ'...?“,
אַל II. „גאָט, מײַן האַר! פֿון פֿאַר דײַן אָ,
אַנטרונען“, הר פֿאַרנאַכט. ”אין דײַן גרויסן

,
גורלס האַרטן אָ, האָבּ איך דערזען דײַן ליכט“,
מל, 'דײַן ליכט'. „איך, דער בּורא־עולם, רוף
צו משפּט מיך אַליין, און איך זוך אַ שופֿט
פֿאַר זײַן אָ, צו שטיין“, הל, אין
טרעבּלינקע.... ”איך בּאַוואַך און טראָג דײַן לויטער
אָ', דו איינציקער, געטרײַסטער“, א.
שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבּשאַפֿט.

4. אין אויסדרוק: אין אָ, פֿון.... אין אָ, פֿו
טויט פֿון אַ סכּנה פֿון נײַע בּלבּולים אע.

, ,
אָנגעזיסט — אַדי, פֿאַר אָנזיסן ←. אָ'ע
סמעטענע מיט רויטע יאַגדעס. געבּן אַ בּיסל אָ,
וואַסער ־ערהייט.

.
אָנגעזעגט — אַדי, פֿאַר אָנזעגן ←. אָ,
האָלץ. אָ'ע קלעצער. ־ערהייט.
אָנגעזעגענען זיך — אויטוו ־זעגן זיך אָן,

.

זיך ▯ י.,געזעגנט.   1. זיך געזעגענען מיט אַ
צאָל. זיך אָ, מיט אַלע קרובֿים און פֿרײַנד פֿאַרן
עולה זײַן קיין ישׂראל.   2. זיך געזעגענען
אויך מיט איינעם און דערבײַ זיך אָנווינטשעווען.
,,אויבֿ אַזוי, זײַנען מיר דאָך געוויס שלום.
טאָ לאָמיר זיך כאָטש גוט אָ, דאָ,,, אי. קיפּניס,
סאָוו, היימלאַנד, 1968 6, No.
אָנגעזעגט — אַדי, פּאַר אָנזעגטן (זיך) ←.
דזוו אָנגעזעטיקט, געוויינלעך אין פֿאָעטישן
לשון. אָנגעזאַפּט. "ער איז אָ, פֿון די תּענוגים
פֿון דער־וועלט,,, חה, נא. "דער מוח — אָ, מיט
▯ פֿינקלען", האָפֿ, 'אין וואַלד'. ,,אָ', אָנגעלאכט
צופֿרידן, טראָגט ער כּיבֿוד פֿאַר דער וועלט",
בּראָד, אַל דאָס גוטס. ,,אָ, און טויאיק איז די
נאַכט", אפֿא, לויטער... קוואַל.
אָנגעזעטיקט — אַדי, פּאַר אָנזעטיקן (זיך)
← ▯רגל דפֿוו. אָ'ער אורח. אָ, מיט
גײַסטי.
קער שפּײַז. אָ, מיט בּילדער, סימבּאָלן אע. אָ,
מיט תּענוגים. אָ, מיט טראַדיציע. אַן אָ, יאָר. אָ,
און איבּערגעזעטיקט מיט עמעצן. ,,וויסטע
ייִדישע נשמות, אָ, דורך מיט צרות", אַל I,
'שׂמחת בּית־השואבֿה'. "דער אָ'ער בּעל־תּאווה

און איצטיקער כלומרשטער בעל־תּשובֿה זאָל
האָבן מנוחת־הנפֿש?„, חג, צמח אַטלאַס II. „איך
... [האָבֿ] געוואָרנט קעגן אָ'ער זיכערקייט
בנוגע ייִדן אין אַמעריקע“, אפֿא, טמז, 1965 I 21.
“די פֿערזאָנען אין דעם סצענישן דיאַלאָג
רינגלט פּרץ שטענדיק אַרום מיט אַן אָ'ער

דראַאָנגעזען

מאַטישער לופֿט“. י. דאָבֿרושין, געדאַנקענגאַנג,
קיִעוו 1922. „איבֿ די אַרומיקע לופֿט וואָלט
שוין געווען אָ, מיט וואַסערדאַמף„, מ שולמאַן
איבֿז, א. וו. צינגער, עלעמענטאַר־פֿיזיק,
מאָסקווע 1923, 1טער טייל. „קריטיק און סאַטירע,
מיט וועלכער די ליטעראַטור איז אָ, געווען ערבֿ
אונדזער איצטיקן י„ה...„, שנ, שלום אַש.
אָ'ע צ ע ל אָ ז ו נ ג — אַזאַ פֿליסיקייט וואָס
אין איר קען מער ניט פֿאָרקומען דאָס
ווײַטערדיקע צעלאָזן זיך פֿון אַ שיטיקן אָדער סאָלידן
שטאָף. ־ערהייט — אַוועקגיין אָ'. ־קייט
— „די אָ, מיט... טעכניק„, י. קאַמעניעצקי, דער
זיג באַם דניעפּער, מאָסקווע 1932. „זײַן אָ,
מיט נחת“, א. שטיינמאַן, היימיש, אַפּריל־מײַ
.19▯1

אָנגעזען — פֿאַר פֿון אָנזען (זיך) ←. איז שטענדיק אָן אינוואַריאַנט פֿרגל: אָנגעזעען.

1. אַדוו. עס זאָל זיך וואַרפֿן אין די אויגן. זיך אויספּוצן אָ'. "דעם דערמאָנטן באַריכט דרוקט די צײַטונג זייער אָ'", אפֿא, טמז, 20 1964 I.
2. פּרעדיקאַטיוו, מיט ז ײַ ן, וו ע ר ן — גלײַך, גרינג געזען, דערזען. דער עקספּאָנאַט איז אָ,. "איין חכם ווערט פֿון אַלע מענשין מיט ליבּליכה אויגן אַן גזעהן,,, מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ"ט, ג/ב. ,,זיי ווערן אָ, ווי זיי גייען אויף פֿון דעם ים,,, מחזור מן שלש רגלים, טשערנאָוויץ, תר,,ח, תּפֿלת גשם. 3. אָנגענו עָן. באַטראַכט. ,,וויא קאַן דאשׂ אַן גזעהן ווערין פֿר גוט?", ר, יהודה ליבּ בּר, משה זעליחאָר, שירי יהודה, אַמשט 1697. ,,עשׂ ווערט דאָך ניט פֿאַר גוט אונ, קלוג אַן גזעהן ווערדן, ווען זעהנדיגי לײַט וועלין זיך לאָזן פֿירן פֿון בּלינדי,,, אבֿן י)ראָל, מעץ 1766, ו/א. ,,דער קיניג האָט ניט געוועלט אַז אָלע זאָלן זיך לערנען נאָר די שפּראַך וואָס דער קיניג רעדט, וואָרעם אםכּן וואָלט דאָס אָ, געוואָרן אַז אַלע זײַנען איין פֿאָלק,,, נוצ, ווילנא והוראָדנא 1834.

4. אַדי. חשובֿ, בכּבֿודיק. וויכטיק. וואָס האָט
אָנזען. געוויינלעך: ~געזעען. זײַן, ווערן אָ,.
,,די עקידה זול ווערן אַן גיזעהן דען קינדרן
דיא הינטן נאָך ווערן קומן,,, טח, בּראשית, כב,
13, רשי. ,,אינסטרומענטן־מאַכער... זענען
זייער אָ, און האָבּן פּרנסה,,, ארז, קמ, 1870,
No 49. ,,דערמיט אין מען געוואָרן אַ שיינער
מורנו, אַ פֿאַרנעם, שטאַרק אָ, בּ אַלעמען,,,
י

ממוס, שלמה.
5. אָפּהענגיק פֿון. ,,אומזיסט רעדט איר דעם
שידוך, ווײַל בּײַם חתן איז אַלץ אָ, אויף
געלט,,. ,,אויבֿ עשׂ אויף דען בּיזילכן [= בּיסל]
מעות אַן גיזעהן גיוועזין — קאַן איך ניט
ווישׂין", גה, 290.
אָנגעזעסן — אַדי, פֿאַר אָנזיצן זיך ←. אָ'ענע
אין בּײַדלעך, אין פּליטים־לאַגערן. איך בּין
שוין אַן אָ'ענער, אַן אָפּגעזעסענער, צײַט צו
גיין אַהיים,,. אַן אויסגעוואַרעמט אָ, בּענקל.
געשווירן אויפֿן אָ'ענעם זײַט־מיר־מוחל -
ער
הייט.

אָנגעזעען — אַדי. 1. וואָס האָט אָנזען.
חשובֿ. רעספּעקטירט. בכּבֿודיק. וויכטיק.

געɸ61 1

אַכט. באַוואוסט פּרגל: ~געזען. אָ'ע שטעל,
.
אונטערנעמונג, אינסטיטוציע. אָ'ער מענטש,
בעל־הבית, געזעלשאַפֿטלעכער טוער. אָ'ער
שרייַבער, מאָלער. אָ'ע פּערזאָן,
פּערזענלעכקייט, פֿיגור. „איז ער געוואָרן זייער אַן אָ'ער
נגיד„ פֿמ. „די טאַטעס זייערע, אָ'ע, יוסטע
, —
בעלי־בתים, האָבן איבערגעלאָזט זיי בירושה
הײַזער אויפֿן מאַרק“, ממוס, שלמה. „מן זעצט
קיין (סנהדרין) ניט נייארט קלוגי לײַט און,
גרושי לײַט דיא אַן גיזעהן זײַן“, מהמ, קפּה/א.
„איין גיעהרטער אונ, וואַל אַן גזעהנר מן„,
יוסיפֿון, אַמשט 1743, ה. “דרך־ארץ און
אונטערטעניקייט צום שותּף, דעם אָ'עם חסיד
און למדן“, שמעון האָראָנטשיק, „גאָטס משפּט..
„אויפֿן אָ'סטן אָרט איז געהאַנגען דעם קייזערס
פֿאָרטרעט“, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II,
פֿאַריז 1924.

2. וואָס מען קען זען, גרינג דערזען. אַן אָ'ער עקספּאָנאַט. אָ'ע מעלדונג. „פֿאַרבאָרגענע זאַכן און אָ'ע זאַכן„, חה, שי. 3. וואָס איז אָנגענומען. וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן. שפּײַזן, אָ'ע ווי אַ רפֿואה פֿאַר קראַנקע. אַ גוט אָ'ער פּלאַן, פּראָיעקט אע ־ערהייט ־קייט ——

.

„זײַנען געזעסן די איבעריקע 69 רבנים, יעדער לויט זײַן אָ'", ייִז, יאָשע קאַלב.

אָנגעזעצט — אַדי, פֿאַר אָנזעצן (זיך) ←.

אַן ענג אָ'ע בריטשקע, בויד פֿור. אַן עולם,

—

,

אָ, קאָפּ אויף קאָפּ. אַן אויוון, אָ, מיט חלה. אָ'ע ביימעלעך. אָ'ע זײַטן. אָ'ע קרעלן. דער אָ'ער סוחר [וואָס מע האָט אים אָנגעזעצט]. שטויב, אָ, אויף ביכער. אַ קיטקע, אָ, מיט ראָזשינקעס. אַ נאָז, אָ, מיט בלאָטערן. אַן אָ , ע ר — אַ באַנקראָטירטער. „בתולות זענען אָן עין־הרע אָ', ווילן חתונה האָבן און חתנים זענען ווי אויסגעטריקנט געוואָרן",

ממוס, פּריזיוו. אירע [דער תורהס] בטחות ... וועלן ניט בלײַבן אָ'„, מב„ם, הוגה דעות II, ווילנע 1912. „באַצלמט רויט די אָ'ע וועקסלען... איך וועל מיט טאָפּלצינז מיר אָפּנעמען

בּיז צו די לעצטע מײַנע טעג, מיר אָ'ע,,, מלה,
,די זונה — אונדזער פֿירערשאַפֿט'. ,,אין קיין
שום לאַנד... איז דער הימל ניט אַזוי אָ, מיט
שטערן ווי אין ארץ־ישׂראל״, אפֿא, טמז,
.II 19 17

פֿפֿ: אָ, ווי מאָן, ווי (מיט) ווײַנפּערלעך, ווי
בּאָבּ, ווי (מיט) קערלעך, ווי (מיט)
סעמעטשקעס; אָ, ווי קעסטעלעך אין סטעלניק, ווי
הערינג אין פֿעסל, ווי שטערן אויפֿן הימל, ווי
אַ מילגרוים מיט קערעלעך.
,,,די גוראַלניע שטייט אָ' — ־ערהייט
בּערג, בּײַם דניעפּער I. ־קייט.
אָנגעזשאַוועט — אַדי, פּאַר אָנזשאַווערן ←.
,,עס איז אויפֿן האַרץ געווען אָ',,, משה
אלטמאַן, בּלענדעניש, טשערנאָוויץ 1926. אָ'ע בּלעכן.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעזשויבּט — אַדי, פּאַר אָנזשויבּן ←. אַן
אָ, פֿאַרמעגן.
אָנגעזשעבּרעוועט — אַדי, פּאָר
אָנזשעבּרע(ווע)ן .. אָ'ע גראָשנס.

אָנגעהזירט — אַדי, פּאַר אָנחזירן ←. אין
אָ'ן הקדש. אָ'ע קרעטשמע, שטאַל. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגעהלומט — אַדי, פּאַר אָנחלדמען (זיך) ←.
אָ'ע גליקן. אָ'ע פֿאַנטאַסטישע פּלענער. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגעהקירהט — אַדי, פּאַר אָנחקירה(נע)ן ←.
אָ'ע פֿאַרדרייטע פּשטלעך ־קייט.
.
אָנגעהשבּונט — אַדי, פּאַר אָנחשבּונען ←.
אָ'ע חוֹבֿות, פּראָצענטן, הוצאָות. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעהתמעט — אַדי, פּאַר אָנחתמע(נע)ן ▯ ←.
אָ'ע בקשה. אָ'ע וועקסלען. דאָס גוטע אָ'ע
קוויטל. „וואָס עס איז אָ, — וועט אָנקומען“, שוו.
ס'איז אָ, פֿון אויבּן אַז... „איז אַן געחתמנת
אַן דעם (כּסא הכּבֿוד) זײַן [יעקבֿ אָבֿינוס]
גשטאַלט“, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713,
רנ. „מיר איז אָ,... אַז מײַן קבֿר זאָל זײַן אין
א בויך פֿון אַ ליודאָיעד אָדער פֿון אַ חיה
־ ...
רעה„, ג. ח. לעוונער, דער אמת'ר פּעטער,

ווילנע 1897. "דער אָ'ער גורל פֿון אַלע פֿעלקער וואָס וואוינען איצט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן", זשיט II, נ"י 1912. ־ערהייט.

אָנגעטאַדלט — אַדי, פֿאַר אָנטאַדלען ←. אָ'ע תּלמידים. אָ'ע שרײַבערס. ־קייט.

אָנגעטאָן — אַדוו אַדי, [פּרעדיקאַטיוו, אינוואַר יאַנט] פֿאָר אָנטאָן (זיך) ←. פֿאַראַלעלע אויסלייג־פֿאָרעם: ~טין, נר. אָ, אין שיינע בגדים. אָ, אין שמאַטעס. אָ, אין אַ שינעל (אַ כאַלאַט, אונטערוועש, שערצל אאַזוו). אָ, אין טלית און תּפֿילין. אַ ספֿר־תּורה, אָ, אין אַ ווײַס מענטעלע. אָ, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אָ, אין בגדי מלכות. אָ, אין עסיק און אין האָניק. "פֿון דער חופּה אויבנאָן, אין גאָלד און זילבער אָ'..." פֿל. „אַ קינדס מזל קען מען ניט וויסן:

עס ווערט געבוירן נאַקעט און מע טראָגט עס אַוועק אָ,,, [אין תּכריכים]; „מע ווערט געבוירן נאַקעט און מע טראָגט אַוועק אָ',,, שוו. „אויף חתונות פֿלעגן די ווײַבער שיין אָ, זײַן", עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796. „זיי האָבן זי נישט דערקענט, מחמת זי איז געגאַנגען אָ, ווי אַ מאַנצביל,,, נחב, 'מעשׂה ממלך וקיסר'. „מע טאָר ניט גיין אָ, מיט די תּפֿילין

פֿאַר אַ מת, אויך ניט אין מרחץ אָדער אין

אומריינע ערטער,,, הרבֿ א. בּרודאָ, ◻הליכות
עולם, אונגוואַר 1864. ,,איך פֿלעג צו קומען

אין די ליבּע שול, אָ, אין אַבֿנים טובֿות", ◻)רה
בּת טובֿים, תּחנה שלשה שערים, ווילנע 1864.
"אין גן־עדן גייט מען אָ, אין זײַדענע
איבּעצעס [= קאַפּאָטעס] מיט סויבּלנע ספּאָדקעס,
וויַסע שיך און זעקעלעך", ח ל.
קאַרטוזשינסקי, דיא גליקליכע פֿאַמיליע, וואַרשע 1881.
,,גייט זיך שבּת איבּער דער גאַס אַ ווייַבּל אָ,
בּגדי שבּת ויום־טובֿ,,, פּרץ, חסידיש.
אָ, (ווי אַ) ד יַ ט ש (י ש) = ניט
טראַדיציאָנעל אין אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ קורץ רעקל
(מיט
אַ קאַפּעליוש). אָ, ווי אַ ט אָ ק (טעקל) = ווי
אַ פּראַנט, שטאַרק ◻ויסגעפּוצט.   אָ, ווי אַ

אָנגעטאָנט

ה יִ פּ ט ל קרויט ◻= אין אַ סך מלבּושים,
איינער אויפֿן צווייטן.   אָ, פֿאַרקערט מיטן
סמיטשיק = מיטן מלבּוש אויף דער פֿאַרקערטער
זײַט. *ער איז אָ, = אויך: ער איז שיכּור.

־ערהייט — שלאָפֿן אָ,. „מיך געבענטשט
פֿאַר זײַן אַוועקגיין אין שול אָ, אין טלית און
קיטל“, אמד, דער ערסטער נאַבּאָר, ווילנע 1871.
“דער פֿאָטער האָט אים אויפֿגעוועקט, שטייענדיק
שוין אַליין בײַם בעט אָ'“, ווײַס II, 'דער
איבערגאַנג'.
—קייט — „... אַזוי ווי די אָ, פֿון די נשמה
אין גוף“, תּניא, פֿא פֿאַרשיידענע מדרגות אָ':

. „
אין וואָכעדיקע מלבושים, אין אַ טאָקסידאָ, אין
אַ פֿראַק“, מוו, ייִשפּ 2 ,I.
'אָנגעטאָנ עןָ, — אדי, מיט אַ פֿלעקסיע,
אטריבוטיוו. אַן אָ'ער, איז ער גלײַך אַוועק
פֿון שטוב. „מע האָט אים געפֿונען אַן אָ'עם
בלויז אין אַ נאַכטהעמד“. „קליינע
קאַלוזשקעלעך האָבן זיך געשניטן ווי ריינע אויסגעווישטע
ברילן, אָ'ע דער ערד“, פּמ, דור־אויס, דור־אײַן.
„ניט אינגאַנצן קיין אָ'ע, איז זי איבערגעלאָפֿן
צו זיך אין צימעד אַרײַן“, אי. קיפּנים, סאָוו,
היימלאַנד, 3 1963, No. —ענערהייט. ־
ענקייט.
אָנגעטאָנט — אַדי, פּאַר אָנטאָנען ←. אָ'ע
פּ אַנאָ. „ער רעדט, און זײַן האַרץ — אָ',
אָנגעי

צויגן,,, הר, געז.יכטע און לידער. ־קייט.
אָנגעטאָנס — דאָס. מצ נבֿ. דזוו אָנטועכץ.
אַלץ וואָס מע טראָגט אויף זיך. ,,האָט מיך
אויסגעטאָן אויפֿן שליטן... דערווײַל איז
אַנטלאָפֿן דאָס פֿערד מיט דעם אָ'... אַצונד בין
איך שוין דערפֿרוירן", איין גאַנץ נײַע מע ה
פֿון הרבֿ הצדיק ר, באָרוכל.., לעמבערג 1893.
אָנגעטאַנצט — אַדי, פּאַר אָנטאַנצן (זיך) ←.
,,אַן אָ'ע איז זי אַוועקגעפֿאַלן אויף דער
קאַנאַפּע" ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעטאַסעוועט — אַדי, פּאַר אָנטאַסעווען
←. אַ גרויס געשעפֿט מיט אָ'ע פּאָליצעס.
אָן אָ'ער טײַסטער. ,,זייער פֿיל אורחים פֿון די
סבֿיבֿות פּוסגייערס, פּעכאָטע, רײַטעריע און

,

מיט בוידן פֿול אָ'", [חיים מאָלאַגאַ], 'גדולת

,

ר, וואָלף..., [יפּ]. ,,געפֿאָרן אויף אַ פֿולן, אָ'ן
וואָגן מיט היי", ממוס, מסעות ,,אַ פֿושקע אַ
שווערע, אָ, מיט קופּערנע און זילבערנע
מטבעות", בערג, בײַם דניעפּער I.
אָנגעטאָען — [... געטוען &... געטיִען]
אַנשטאָט אָנגעטאָנען. אוקר. מג ,,אַן אָ'עם אין

שטיוול, אין אַ הוט...“, פּמ, מלחמה I.
־קייט — „ריינע נאַקעטקייט איז בעסער ווי
שמוציקע אָ',„ נאד, טינט און עדער.
אָנגעטאַפּט — אַדי, פּאַר אָנטאַפּן ←. אָ'ע
קליאַמקע. אָ, געשווירל. אָ'ער בויך. אָ'ע הון.
אַן אָ'ע — וועגן אַ מיידל   ־ערהייט —
.
ניט גלייבן אַפּילו אָ'.
אָנגעטוליעט — אַדי, פּאַר אָנטוליען (זיך)
 ... די אָ'ע קינדער. דאָס אָ'ע פּאָרל. „אָ,
זײַנען געשטאַנען די געהויקערטע שטיבלעך“,

1462

ש. לוי, אונזער וועג, מינכן, 28 1945 XII.
־ערהייט.
אָנגעטומלט — אַדי, פּאַר אָנטומלען (זיך) ←.
אַן אָ'ער קאָפּ. אָ'ע חבֿרה   ־ערהייט.
־
.
—קייט — די אָ, פֿון דער גרויסשטאָט.
אָנגעטועכץ — דאָס, ־ן (־ער). דזוו אָנטועכץ
 ... פּד, אוקר, גאַליציע. „זיי לויפֿן אַרום

נאַקעט, מוז זיי זײַן קאַלט, ווען מיר זיי
מאַכן אָ'" פּמ. „זײַן אָ, איז צעוואָרפֿן איבער
—
,
דער גאַנצער שטובֿ". "דער קאַסטן... אַ
באַהעלטעניש פֿאַר אָ, און ברויט", רחל קאָרן,
ערד. „אין שטובֿ איז פּונקט געזעסן דער
פֿעטער... נאָך אין וועג־אָ'", שמעון האָראָנטשיק,
'גאָטס משפּט'. „דאָס קינד איז שטאַרק נאַס,
דאָס אָנגעטיִעכץ זײַנס איז אויסגעווייקט",
בנציון לאַנגער, מעלפּת ספּירים, ל״וב 1930.
אָנגעטוען — [... געטיִען] דזוו אָנגעטאָען ←,
אָנגעטאָנען ←. „אַ גלאַט־אויסגעגאָלטער, אַ
פֿריש אָ'ער און אַ גליקלעכער פֿון דער

אייגענער דרשה...", ייִז, 'אַלט־שטאָט'. "גוייִם, אָ,
אין אויסטערלישע לעדערנע קאַפּעליושן", ייִט,
פּוילן II. „חסידים, אָ'ע אין זײַדענע
זשופּעצעס", פּ גוטערמאַן, מײַן שטעטל, רמת־גן
1952. ־ערהייט — "די מוטער איז געזעסן
שוין אָ, אונטער דעם פֿויערהאַנג פֿון בעט",
ווײַס I, 'פֿון רבינס שטובֿ'.
אָנגעטורעמט — אַדי, פּאַר אָנטורעמען ←.
אָ'ע פֿיגוראַטיווע אויסדרוקן. אָ'ער

חתונהטאָרט. "היכע שוואַרצע פֿינצטערע בערג, אָ,

,

איינס אויף דעם אַנדערן", י. טרובּניק,
זשאַרגאָן לערער, וואַרשע 1886. „דער ווינט האָט
אַראָפּגעטראָגן דעם אָ'ן שניי פֿון די דעכער„,
חג, 'זיידעס און אייניקלעך'. „די אָ'ע
ראַנגלענישן אין די לידער", אַבֿרהם שולמאַן.
־קייט.
אָנגעטושעט — אַדי, פּאַר אָנטושען ←. אָ,
פֿלייש ־ערהייט אַראָפֿנעמען פֿון דער

— .

פּליטע אָ'.
אָנגעטײַט — אַדי, פּאַר אָנטײַטן ←. דער

-

אָ'ער זינען פֿון אַן אָפֿיציעלער מעלדונג.
אָנגעטײַטלט — אַדי, פּאַר אָנטײַטלען ←.

-

די אָ'ע שטעלן. ערהייט. ־קייט.
אָנגעטיילט — אדי, פּאַר אַנטיילן ←. אָ'ע
מתּנות, כּיבּודים. אָ'ע ליבּע. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעטינטלט — אַדי, פּאַר אָנטינטלען ←.
פּפֿ: ~געטענטלט. אָ'ע היימאַרבעט. אָ'ער
עסיי. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעטיקעט — אַדי, פּאַר אָנטיקען ←. אָ'ע זאַכן ־ערהייט.

.

אָנגעטלאָטש(ע)ט — אַדי, פּאַר אָנטלאָטש(ע)ן .. ,,זענען די קופֿערטס ביז צום ראַנד געפּאַקט, אָ, מיט וואַרן אַלערהאַנט", ז מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911.

אָנגעטרויט

אָנגעטליתט — אַדי פּאַר אָנטליתן ←. אָ'ע מתפּללים. ,,קאַרקן אָ', קעפּ פֿון שולד באַשווערט", מבֿאָ, דער גייער.

אָנגעטעיעט — אַדי, פּאַר אָנטעיען ←. ,,אַן אָ'ע שעפּט זי נחת פֿון דעם קינדס חכמהלעך,,. ־ערהייט.

אָנגעטערדיק — אַדי. וואָס איז אָן געטער. אַן אָ'ע רעליגיעזע סעקטע. דער איצט אָ'ער אָלימפּ. —יקייט.

אָנגעטראָג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון ווערן אָנגעטראָגן. אַן אָ, פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער. אַן אָ, פֿון שלעכטע ריחות. דער צפֿונדיקער ווינט קומט מיט אַן אָ, פֿון שניי. 2. אומגעריכטער און

אומגעוואונטשענער אָנקום פֿון אַ צאָל. אינמיטן דערינעָן אַן אָ, פֿון געסט. דאָנערשטיק איז אַז אָ, פֿון קבצנים. אַן אָ, פֿון קאָמאַרן.

אָנגעטראָגן — אַדי, פֿאַר אָנטראָגן ←. אָ, האָלץ. אָ'ענע מתּנות. אָ'ענע הורבעס שניי. זײַן אָ, אויף עמעצן = זײַן אָנגעשטויסן, בּרוגז. „ווייכער שטויב וואָס דאָ ליגט, אָ, פֿון וואו„, בּ. לאַפּין, צייכנס. „שײַערן דעם נעכטיק־אָ'ענעם שמוץ“, בּ. דעמבּלין, צוויי און א דריטער. „די קאַצעטלער... שלעפּן די בּערג אָ'ענע שליים און געוויקסן„, י tראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. „רייניקן די ייִדישע שפּראַך פֿון די אָ'ענע בּאַרבּאַריזמען, בּפֿרט די דײַטשמעריזמען“, זר, ייִפֿא, 1938, 1. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעטראָטן — אַדי פֿאַר אָנטרעטן ←. פּפֿ: ~געטרעטן. אָ'ענער עק פֿון דער קאַץ, אָ'ענער וואָרעם. אָ'ענע הינעראויגן. אַ'ענער כּבֿוד. אָ'ענע פֿאָדלאָגע. „וויבּאַלד ער האָט בּײַ איך ניט אָנגעפֿרעגט, איז אײַער אָ'ענע עניוות אָפּגעשפֿרונגען ווי אַ קרומע קאָטשערע„, חג, טמז, 29 1962 I. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעטראַכט — אַדי, פֿאַר אָנטראַכטן (זיך)

←. אָ'ע פּרטים פֿון אַ מעשׂה שהיה. אָ'ע
בילדער פֿאַנטאַזיעס אע ־ערהייט ־קייט.

, . .

אָנגעטראָלדנט — אַדי, פּאַר אָנטראָלדן'.

,

נעאָל. וואָס איז מיט (האָט אויף זיך) טראָלדן.
,,קומט דעם איינגעשלאָפֿן שטעטל דער
משוגענער צו חלום, אָ, פֿול מיט קליידער איבער
פֿגר־מאַרק אַליין,,, פּמ, וואָלין.

-

אָנגעטראָסן — אַדי, פּאַר אָנטרעפֿן ←. די
צופֿעליק אָ'ענע אויפֿן וועג. אָ'ענע
שוועריקייטן. אָ'ענע אָפּאָזיציע. אָ'ענע הוצאָות. ־
ערהייט.
אָנגעטרוי — דער, ־ען. אַקט פֿון
אָנגעטרויען פֿון אָנטרויען. געפֿיל פֿון רואיקער
זיכער,
קייט אַז מע קען דעם צווייטן איבערגעבן אַ
זאַך, אַ שליחות. מיטן פֿולסטן אָ'. אָ'־כ ת בֿ.
אָנגעטרויט — אַדי, פּאַר אָנטרויען ←,
אָנגעטרויען. אָ'ע שליסלען. אָ, געלט. אָ'ע
שליחות. אָ'ער סוד. אָ'ע פֿאַרטיידיקונג. אַן אָ'ער

אין די ענינים. ״יתומישע און אַלמנהשע
געלטן... אָ'ע דעם בית־המקדש״, אַלכּסנדר
האַרקאַווי, די יודישע רעוואָלוציאָן, נ״י 1892. „דאָס

אָנגעטרויען

שטומע האַרץ וואָס איז אים אָ, פֿון שטערן,„
הואָש, סאַראַן אַ רגע.. „מיט הענט
אויסגע,־
שטרעקטע, צו מיר אָ'ע„, אפֿא,... סטעפּ.
־ערהייט. —קייט.

אָנגעטרויען — טרוו. געטרוי אָן, י.,געטרויט
(,געטרויע(נ)ט, פּד). דזוו אָנטרויען . [אין
ליטרש איז אָ נ ט ר ו י ע ן אָפּטער פֿטמ איז
,
אָ'. אין פּאַרטיציפּ איז ניטאָ מער קיין חילוק
צווישן די ביידע ווערבן]. אָ, געלט. אָ, אַ סוד.
אָ, אַ שליחות. אָ, עמעצן [דאַטיוו].
״אַזוי קענסטו אים דײַן ליבשאַפֿט אָ',„
טויזענד און איין טאָג, וואַרשע 1839. אויך
מיט ז י ך — „מיר פֿרויען זענען נישט
ווערט אַז עמעצער זאָל זיך אויף אונדז אָ'״,
ווײַס I, 'ווי דער גורל פֿירט'. ־עכן.

־עניש.

-

אָנגעטרוישאַסט — דאָס (ד), ־ן.
צושטאַנד, מצבֿ פֿון האָבן אָנגעטרוי. מיט אָ, צו
די חבֿרים. „ווילט איר מיך נאָך פֿײַניקן מיט
נישט אָ'“, ווײַס , 'איינער אַ מענטש'.
-

אָנגעטרונקען — אַדי, פּאַר אָנטרינקען (זיך)
←. אָ'ע פֿערדלעך. אָ'ע פֿעלדער. אָ'ע
וואַנדערערס. אָ, מיט ריחות פֿון פֿעלד. אָ, מיט
טרויער. אַן אָ'ער, אַ מבֿושמדיקער, וואָס האָט
מער אין קעפּל ווי אין פֿלעשל. “איין שיכּור
דער איז אַן גיטרונקין איז מותּר מבֿרך צו זײַן
בּרכת המזון„, נצ1, דבֿרים, מא/א. „דו בּיסט
אָ', אָבּער ניט פֿון ווײַן, נאָר פֿון צרות“, חעט,
הפֿטרת שופֿטים [ישעיה, נא, 1]. “דער
הונגעריקער וועט אַרויסגיין אַ זאַטער און דער דאָר
שטיקער אַן אָ'ער“, פּרץ, 'מסירת־נפֿש,. “אַ

לעבּן ריין און ניכטער, אָ, נאָר מיט גאָט,,,
אַל II, 'בּײַם ים גינוסר,,. ,,הײַנט זענט איר די
איינציקע דרײַ ניכטער אין דער נאַכט דער
אָ'ער מיט גסיסה", הל, 'סאַקאָ און וואַנזעטיס
מיטוואָך'. ־ערהייט. ־קייט — ,,אָ, מיט
דער ליכטיקייט פֿון גלויבּן,,, בּ. ריווקין, אַ
גלויבּן פֿאַר אומגלויבּיקע.
אָנגעטריבּן — אַדי, פאַר אָנטרײַבּן ←.
ייִדן, אָ'ענע אויפֿן אומשלאַג־פלאַץ. די אָ'ענע
בּהמות. אָ'ענער מאָטאָר. אָ'ענע מורא. אָ'ענער
סאַמאָהאָן. ,,דער פֿעלדז איז פֿון אָ'ענע
בּאַרגמינים,,. ,,דו מוזסט לעבּן דורכויס מיט אַן
אָ'ענע(ר) דעה צוליבּ דײַן פֿוילקייט", י. מ.
אַלפּעראָוויץ, דיא וועלט־מלחמה, ווילנע 1905.
,,דער גאַנצער אָ'ענער קידער־ווידער... איז פֿון
אים אויסגערונען", בּ. דעמבּלין, צאַנקענדיקע
ליכט. "אָט די צופֿעליק אָ'ענע שמועסן פֿון
איינציקע שטוב־בּאַלעבּאָסטעס,,, י. ריוועס, אינ
טעג פֿונ אַרגרייטונג, מינסק 1936 -
ער.
הייט. ־קייט.
אָנגעטרייסלט — אדי, פאַר אָנטרייסלען (זיך)
←. אָ'ע פֿאַרשוינען אין בּויד. אַן אָ,
פֿלעשעלע מיט אַ רפֿואה. אַן אָ, אויג (מיט אַ

שטויבעלע). אַן אָ'ער פֿון קעלט. עפּל אָ'ע פֿון
די ביימער. ־ערהייט.
אָנגעטריפֿט — אַדי, פּאַר אָנטריפֿן ←. אָ'ע
'באַלדער אַן'־טראָפּנס. אָ'ע ליכטלעך. ,,לעשט
י

1463

דער טאַטע די הבדלה אין דער אָ'ער יויך אויפֿן
טיש,,, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'. ,,אַ גרויסער
אָ'ער צאַפּן פֿון אַ וועקסענע ל בט,,, זש, נח
פּאַנדרע II. ,,ווישן זיך אויס די בערד פֿון
...
דער אָ'ער פֿײַכטקייט,,, חג, 'זיידעס און
אייניקלעך'. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעטריקנט — אַדי, פּאַר אָנטריקענען ←.
אָ'ע סוכאַרעס. בלאָטע, אָ'ע אויף די שטיוול.
אָ, געהילץ. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעטרעטן — ← אָנגעטראָטן.
אָנגעטרערט — אַדי, פּאַר 'אָנטרערן'. ,,די
אָ'ע אויגן זעען גאָרניט,,, ,,אַן אַ'ע שטימונג",
וג.
אָנגעטשאַדעט — אַדי, פּאַר אָנטשאַדען ←.
אָ'ע שטוב. אָ'ע שטימונג. ,,די... לאָמפּן פֿון

דער רויטער פֿאַבריק האָבן געציטערט אין דער
אָ'ער נאַכט", זב, מיר זײַנען דאָ, מאָסקווע 1935.
אָנגעטשיזשמעט — אַדי, פֿאַר
אָנטשיזש,

מען'. וואָס איז אָנגעטאָן אין טשיזשמעס —
שטיוול, אינעווייניק מיט וואָליקעס. „
דערציילט מעשׂות פֿאַר די אָנגעפּעלצטע און אָ'ע
כאָכאָלן", מאיר שטיקער, מז, 4 1948 II.
אָנגעטשעפּעט — אַדי, פֿאַר אָנטשעפּען (זיך)
→. אָ, בלימעלע צום לאַץ. אָ'ער
פּאָסטוואַגאָן. אָ'ער צונאָמען. אָ, ווי אַ לונג־און־
לעבער. „אויף יעדער איינציקער פֿון אײַערע
באַדערפֿענישן איז אָ, גאַנצע פֿעק מיט מצוות
און דקדוקים", ממוס, 'בישיבֿה של מטה„.
„כ'האָב באַקומען אָ, אַ דײַטשן דיבוק", ז.
מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג I,
טאַרנאָוו 1911. "באַמערקט בײַ זיך אויף די
מלבושים אָ'ע פּרוכטן", י. בורטיאַנסקי, דאָס
געוויקס, קיִעוו 1929. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעאָגט — אדי, פֿאַר אָניאָגן →. אָ'ער
י
שׂונא. אַן אָ'ער אין אַ לויף־פֿאַרמעסט. אַן אָ'ער
אין לערנען. אָ'ע אימה. ייִדן, אָ'ע אויפֿן

אומשלאַג־פלאַץ ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגע אָזשעט — אַדי, פאַר אָניאָזשען (זיך)
,

← . פפֿ: ~געיעזשעט. „אין זייערע ד,
אַמות פֿלעגט ער זײַן אָ', שטעכיק, שוויַגיק„,
י. יאַנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.
אָנגע אַטלט — אַדי, פאַר אָניאַטלען (זיך) ←.
,

גראָב. “זי איז שוין אַן אָ'ע. אַ העלפֿט פֿון
אונדזער חבֿרה האָבן זי שוין געהאַט“.
אָנגע אָכיקט — אַדי, פאַר אָניאָכיקן'. נעאָל.
,
,
וואָס אויף דעם איז אַרויפֿגעלייגט אַ יאָך. אַן
אָ'ער מיטן עול־פרנסה. “אַ קעמל, אָ, מיט אַ
הויקער לידער„, אפֿא,... שקיעה.
אָנגע אָמערט — אַדי, פאַר אָניאָמערן ←.
,

אַרומגיין אַן אָ'ער. מיט אַן אָ'ן קאָפּ -
ער.
הייט. —קייט.
אנגעיובֿלט — [... יויוולט] אדי, פאַר
אָניובֿ,

לען'. „דאָס איז... אַ גענוג שוצמיטל קעגן
אָ'ע, אָנגעבוימלטע שבֿחים„, מ. גר., היימיש,
סיוון־תּמוז תּשכ„א.
אָנגעיוירן — אַדי, פּאַר אָניוירן ←. אָ'ענער
מעד. ־קייט — אָ, פֿון אַ געפֿיל.

אָנגעכוימלט

אָנגעיוכעט — אַדי, פּאַר אָניוכען (זיך) ←.
אַן אָ'ער פֿון טאַנצן מיט די מיידן. זיך וואַרפֿן
שלאָגן אַן אָ'ער. ־ערהייט.
אָנגעיהסנט — אַדי, פּאַר אָניחסנען זיך ←.
פּפֿ: ~געיהוסט. קומט אַרײַן אַן
אָנגעבלאָזענער, אַן אָ'ער. „אָ, מיטן אַלטן בֿר“,
א. ש. זאקס. ־קייט.
אָנגעיעזשעט — אדי, פּאָר אָניעזשען ←.
פּפֿ. ~געיאָזשעט. געמאַכט שטעכיק, ווי
עס איז אַ יעזש. „אָ'ע ווערטער„, אַבֿרהם
שולמאַן פּאָר, 25 2 19 I.

אָנגעכוסעט — [... קויסעט] אַדי, פּאַר
אָנכוסען .. „פּורים, ווען טרינקען איז אַ מצווה.

ער האָט זיך גענומען צו דער מצווה נאָך גאַנץ
פֿאַרפֿרי, און צו וואַרמעס איז ער שוין געווען
גוט אָ',,, שטערן, מינסק 4 (7) l926, No.
אָנגעכישופֿט — אדי, פֿאַר אָנכישופֿן ←.
אָ'ער חן. אָ'ע גילדענע רענדלעך ־ערהייט.

.

־קייט.
אָנגעכעסט — אַדי, פֿאַר אָנכעסן (זיך) ←.
אָ'ער קעגנער. אָ'ע שוויגער ־ערהייט —

אַוועקגיין אָ, ־קייט — אָ אָן אַ שום

. ,

גרונד.
אָנגעכשרט — אַדי, פֿאַר אָנכשרן ←. אָ'ע
כלים. דאָס אָ'ע פֿלייש ־ערהייט.

.

-

אָנגעכתבֿנט — אַדי, פֿאַר אָנכתבֿ(ע)נען ←.

-

פּפֿ: ~געכּתכעט. אָ'ע באַרימערײַען,
ליגנס אע ־ערהייט — לייקענען אָ'.
אָנגעכאָוועט — אַדי, פּאַר אָנכאָווען ←. אָ'ע
קינדער. אָ'ער איידעם. אָ'ע אינדיקעס. ־
ערהייט.
אָנגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אָנכאַפּן (זיך) ←.
1. אָ'ע פּילקע. אָ'ע פֿיש. אַן אָ'ער און אַן
אַוועקגעלייגטער אויף דער ערד. אַן אָ'ער פּאַרן
גאָרגל. דער אָ'ער גנבֿ. אָ'ע גמילו ־חסדלעך.
אָ'ער רעטונג־בייגל. "טינט און ליים און בלוט,
ווען עס איז אָ, אָן איר פֿלייש, איז חוצץ,
כאָטשע עס איז פֿײַכט פֿאַרבֿ — איז חוצץ„,
הרבֿ מ. טייטלבוים דק„ק איהעל, ספֿר מעי1
טהור, אָרט? יאָר?
2. וואָס וועט לײַכט דערצערנט. אָנגעצונדן,
שטאַרק אויפֿגערעגט. „איז געווען אַן אָ'ער...
פֿון גרויס אויפֿרעגונג האָט ער אויסגעווישט
דעם פֿײַכטן פֿליך און אויסגעשריִען„, צ.
דאָלגאָפּאָלסקי, באַ געעפֿנטע טויערן, מינסק 1928.
3. וואָס קען אַ ביסל פֿון עפּעס אָדער פֿון
פֿאַרשיידענע געביטן, אָבער אַלץ אויבנאויף, אָן
גרינטלעכע ידיעות. „ער איז אַן אָ'ער און האָט
ליב צו ניצן אַ סך פֿרעמדווערטער".]

מעטאָנימיש פֿון: אָ'ע קענטעניִשן, ידיעות א]. ־ערהייט. —קייט.
אָנגעכוואָלעשט — אַדי. < כוואָלע, כוואָליש, וונ. לאָקל, אוקר [וואו?]. צו פֿיל אַרומגעוויקלט, אָנגעקוטעט. אָ, אין אַ וואַרעמען טאָג.
אָנגעכוימלט — ← אָפּגעכוימלט. אָפּגעריסן.

אָנ עכלאָבּוטשעט

אָנגע לאָבּוטשעט — אַדי, פּאַר

אָנכלאָבּוטשען . אַ היטל אָ, בּיז איבּער די אויערן. "אָ, אין אַ שוואַרץ היטל פֿון נאַכט, רוט די שטאָט", ש. בּרעגמאַן דורך קר ג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931.
אָנגעכלאָבּעט — אַדי, פּאַר אָנכליאָבּען (זיך) ,

. „אַן אָנגעפֿרעסענער, אַן אָ'ער, האָט ער זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפֿן בּעט". "אַן אָ'ער, צעפֿאָרן און צעפֿלאַמט... טוט ער אַ שפּײַ אַרײַן אין האַנט", אַל I, 'דער סקיף, — ער.
הייט.
אָנגעכמאַרעט — אַדי, פּאַר אָנכמאַרען (זיך)

. ‏ אָ'ער הימל. מיט אַן אָ, פּניס ־ער—

.

הייט. ־קייט.

אָנגעכמורעט — אַדי, פּאַר אָנכמורען (זיך)

.. ‏ אַן אָ'ער הימל. אַן אָ, פּנים. אָ, וו אַ

י

געדיכטער וואָלקן. קומען אַהיים אַן אָ'ער. ״אַן אָ'ער, אַ בייזער האָט... ער געפּײַפֿט״, אָפּאַ, ‚ציגײַנער'. „עס שווײַגן די אָ'ע אָלכעס״, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע II, אַדעס 1932 ‏ „די גרויע ציגל אָ'ע געדענקען„, מאָל, פֿריידקע. „אָ', אָנגעבלאָזן, מיט די נעז אַראָפּגעלאָזן״, מל, 'דאָס וואונדער־פֿערד'. ־ער—

הייט. ־קייט.

אָנגעכראַקעט — אַדי, פּאַר אָנכראַקען →.

אָ'ע פּאָדלאָגע. אָ'ע פֿאַרצע. ־ערהייט.

אָנגעלאָגלט — אַדי, פּאַר אָנלאָגלען →. אָ, מיט ווײַן. אָ, מיט כּוחות. ״נאָר מײַן האַרץ מיט זייער ציטערשײַן איז אָ'״, אפּא, לויטער... קוואַל. ״פֿונעם פֿאָלק וואָס איז פֿאַרוואָגלט, פֿול מיט פֿײַנען אָ'״, י. מאַניק, 'אין טריט פֿון דײַן לאַנד'. „מיר לעבן איצט אין דער תּקופֿה פֿון ייִדיש וואָס איז אָ, מיט ייִדישקייט און מיט

ייִדישער ציוויליזאַציע פֿון טויזנט יאָר", יג,
איק, 28 XII 1962. ־קייט.
אָנגעלאָד — דער. מצ נבֿ. נעאַל. (פֿולער)
אָנלאָד. "די גוטע מאַמע־ערד... אין אָ, מיט
וואָרצלען, קנויל אין קנויל,,, הל, אַ בלאט...
עפּלבויס.
אָנגעלאָדן — אַדי, פּאַר אָנלאָדן ←. אָ'ענע
פֿור, שיף. אָ'ענער וואַגאָן. אָ'ענע זעק. אָ'ענע
ביקס. מיט פּולווער אָ'ענע לו□ט. אָ, מיט
כּוחות, מיט ענערגיע. מיט שרעק אָ'ענע
שטילקייט. אָ, מיט רשעות. אָ, מיט וויסן. אָ'ענע
גארבן פֿול מיט קערנער. ,,כּאבֿן שהוא משׂא
— ,
כּבֿידה כּך הדקדוק להם למשׂא, בל"א אַן
גילאדן", ר, בנימין בר, יהודה, הקדמה צו מהלך
ש□ילי הדעת של ר, משה קמחי, לובלין שפּ"ב
(1522). "אליהו הנבֿיא האָט מיט זיך געהאַט
פֿיל קעמלען אָ'ענע,,, לט2, יח/ב. ,,נישטאָ נאָך
אַ ייִדישער יום־טובֿ וואָס זאָל זײַן אַזוי פֿיל
אָ, מיט הלכה און אַגדה ווי פּסח", מ. שטריגלער,
איק, פּסח תשכ,,ד. "די זון איז לויטער, אָ, מיט
אַן איבערגוס פֿון פֿלאַמען,,, הל, אין
טרעבלינקע.... "געוואָרן עפּעס אָ'ענער זײַנען די פֿיס",
פּמ, מלחמה I.

אויף: אָנגעצויגן, ברוגז, גרייט אויסצושיסן
(־ ב3). „געקוקט עפּעס בייז, אָ„ מיט אַ

1464

ביטער־זויערער מינע“, ממוס, ווינטשפּ. “וואָס
זיצט איר אַזוי ווי די אָ'ענע?“, אַש, אַ שטעטל
“ער איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אָ'ענער“, אָפּאַ,
דד טענצערין. “קומט אורי צו גיין אַהיים אַ
שוויַיגנדיקער און אַן אָ'ענער... אָ, געמאַכט אַ
המוציא, אָבער גליַיך נאָכדעם גענומען
אַראָפּרעדן פֿון האַרצן„, זש, שקלאָווער קינדער. “אַ
האַרץ... מיט ברויז אַן אָ'ס„, אַקש, מזרח און
מערבֿ, מאָסקווע 1940. ־ערהייט —
אַוועקפֿאָרן אָ'. —קייט — “אַ קוק טוענדיק אויף
זיַין אָ', איז אים אַזוי נישט היימלעך געוואָרן“,
וויַיס I־, 'אין דער שטיל'. “די איבערחזרונג
אין איר גאַנצער עמאָציאָנאָלער אָ'“, ימ, ייִשפּ
.XX־I, 1

אָנגעלאָדנט — אַדי־ פּאַר אָנלאָד(ע)נען ←. דזוו
אָנגעלאָדן. פּד, גאַליציע. “קעמלען און אייזלען
זענען געשטאַנען אָ„„ איבז הנ“ץ, שולמית...,
לובלין 1875. „ווערטער [זענען]... געפֿאַלן אויף

זײַן אָ'ן מוח,,, אָפּאַ, פּוילישע װעלדער. ,,
אָנגעטאָן אין קריגס־קלײדער און אָ, מיט געװער“,
עוזר װאַרשאַװסקי, כאַליאַסטרע II. “דער הימל
האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט, אָ, מיט פּחד
און מיט האָריקע קנוילן װאָלקנס“, הערץ
בערגנער, 'באַנקראָט'. ,,.... אָ, מיט אידײע און
חלום,,, ישעיה שפּיגל, צוק, יאַנ, 1963.
אָנגעלאָדנעװעט — אַדי, פּאַר אָנלאָדנעװען
←. דזוו דפֿוו. אָ'ע בוידן, פֿורן אע. ,,די פּיר

פֿערד זענען קוים געגאַנגען, אַזוי איז געװעזן
אָ, סחורה אויף איטלעכן שליטן“, יאַ, די
גענאַרטע װעלט [סאָװ, אויסגאַבע 1931].
אָנגעלאָזן — אַדי, פּאַר אָנלאָזן ←. פּפּ:
י.,געלאָזט. די אָ'ענע קעלט. אַ'ענע ריחות.
“װערט געמאַכט אַ טאָק (דאָס איז אַזאַ מין
דראָט װאָס איז אָ, [אָנגעלאָדן] מיט מאַגנעט,,,
שמעון בעקערמאַנן, דער מאָרגען שטערן,
אַדעס 1884.
לו. אָנלויפֿעניש, צונויפֿלויף (ב— אַ
צעאנג לאַף1 — דער, ־ן. פּפּ: ~געלאָף, ~

טומלעניש). אָ, פֿון שכנים בײַ אַ שׂריפֿה. אָ,
פֿון פּליטים. אַ בײזער אָ, פֿון המון. „באַלד
איז געוואָרן אַ רעדל, אַן אָ'“, שע, 'דער
פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער'. „עס ווערט אַן אָ, פֿון
גאַנץ שטאָט“, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר
לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. „אין קופֿע'... איז
אַן אָ, און שמוציק“. ב. דעמבלין, צוויי און
אַ דריטער ▯ „דער שטורמישער אָ, פֿון עולם“,
אפֿא, טמז, 3 1965 I.
אָנגעלאָפֿן — אַדי, פּאַר אָנלויפֿן (זיך) ←.
דאָס אָ'ענע וואַסער. אָ'ענע מאַסע. אָ'ענע
אײַנוואוינערס. אָ'ענע ▯ ײַערלעשערס. אָ'ענע שרעק.
אָ'ענער טערמין. אָ'ענע באַק. אָ'ענע מחשבֿות.
„אַלטע טעג... און זיי קומען נאָך אַלץ צו.
פֿול דער צימער אָ'“, אַר, 'אין אַ שלאָפֿלאָזע
נאַכט'. „אויסגעשפּיגן די אָ'ענע סלונע אין זײַן
זײַט“, נ. לוריע, בריקן ברענען, כאַרקאָוו 1929.
“דאָס פֿליישיק־פֿולע פּנים זײַנס מיט אָ'ענע
קישעלעך אונטער די אויגן“, פּנחס גאָלדהאַר,
גש, מעלבורן 1949. “מיט אַלע כּוחות האָט ער
דערשטיקט אין זיך דעם אָ'ענעם ציטער“, ב.

אָנגעלייגט

דעמבלין, פֿאָר, 19 XI 1961. *אָ'ענע א ו י ג ן =
□ול מיט טרערן. *אָ'□נע ש ט אָ ט (וו ע ל ט)
= די אײַנוואוינערס זענען געקומען פֿון
פֿאַרשיידענע געגנטן און די □טאָט איז גיך
געוואַקסן —ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעלויבט — אַדי, פֿאַר אָנלויבן (זיך) ←.
אָ'ע תּלמידים. אָ'ע ב□־יחידה. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעלויף — דער, ־ן. דזוו אָנגעלאַף. "די
באַהאַלטענע שרעק פֿאַר דעם געדיכטן אָ, פֿון
זעלנער,,, יוסף אָקרוטני, אונזער אָרים ברויט,
וואַרשע 1936. ,,נישט געוואוסט וואָס עס
באַדײַטן די געשרייען און דער אָ, פֿון פֿיס,,, אַש,
משה. "דער גענדזלער וועט דערזען אַן אָ', וועט
ער זיך דערשרעקן,,, חג, דער מאַמעט שבתים
"אַן אָ', אַ שטופּעניש פֿון אָנגעשטײַפֿטע
מונדירן", ב. האַגער, איק, ר"ה תּשכ,,ז פֿון אָ,
,, .
פֿון די ווײַסע קערפּערלעך הייבט זיך אויף...
די הויט, ס'ווערט אַן אויפֿלויף, אַ בלאָטער,,,

ט. בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. אָ'־
עכן — דאָס, ־ן (־ער). „האָבן זיי אַלע, דאָס
גאַנצע אָ', זיך אַוועקגעשאַרט פֿון בעט“, ב.
טייטלבוים, אויפֿן שוועל, וואַרשע l933.
אָנגעלטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן געלט.
אַן אָ'ע באַלוינונג. אָ'ער אָרדער. אָ'ער
פּראָדוקטן־אויסבײַט. ־יקייט.
אָנגעל אַפּעט — אַדי, פּאַר אָנליאַפֿען ←.
,

אָ'ע ווענט. אָ'ע מאָרדע. אָ'ע קאָמפּאָזיציע.
אָנגעליבן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~געליבט.
) Mhd: e־l b(אַרכ. צוזאָגן. „האָט דעם
שופֿט אַן גליפֿט ביז דען יום ה, פּרשת וישבֿ
וויל ער זיא [די משכּנות] נעמן“, פּראָגב, 42.
אָנגעליטן — אַדי, פּאַר אָנלײַדן זיך ←. אָ'־
ענער ייִד. אָ'ענע צרות, פּײַניקונגען אע. „
נשמות... אָ, אין מלחמות מיט די אַלע
יצרהרעס„, אַל I, 'שׂמחת בית־השואבֿה'. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגעלייגט — אַדי, פּאַר אָנלייגן (זיך) ←.
[פֿרגל: אָנגעלעגן]. 1. אַרויפֿגעלייגט.
אָנגעלאָדן. צו(נויפֿ)געלייגט אאַ. אָ'ע פּאָרציעס ברויט.
אָ'ע קלעצער. אָ'ע בינטלעך היי. אַ נײַ אָ,

געשעפֿ▯. אָ, ▯עלט. אָ'ער וועג. אָ, פֿײַער. „

אונד▯ער געשיכטע איז נאַכט אָ, אויף נאַכט, לײַדן
געכּפֿלט אויף לײַדן“ [ווער?]. “די תּפֿילה מיט
לה„ק און, מיט טײַטש אנגילייגט וואָרט פֿיר
וואָרט“, מיכל בּן אַבֿרהם הכּהן, סידור,
ווילמערסדאָרף 1718. “די אַשה זאָל ניט זײַן קיין
עצלנית... זי זאָל תּמיד אויסקערן און
אויסראַמען אַז עס זאָל נישט זײַן אומעדום
אָנגעשטעלט און אָ'“, הנהגות הנשים, יאַס 1843.
„דער האָט הנאָה פֿון לויפֿן און טראָגן, אַזוי
ווי דער פֿון אָ'ן מאָגן“, עט, משלים. „אין
▯----

ווינקל הויך אָ'ע זעק מיט תּבֿואה“, פּרץ, דראַמ,
שריפֿטן. „קאָנטראָלירט, צי עס איז גענוג אָ,
סכך און צי דער אַקאַציע־בּוים מאַכט ניט קיין
אוֹהל“, סמבּ.

2. מיט ז ײַ ן. וואָס ווערט אויפֿגענומען וו▯
עפּעס גוטס; וואָס מע בּאַציט זיך צו דעם ווי

אָנגעלייזט

צו אַ טובֿה. וואָס רופֿט אַרויס גינציקייט, אַ
גוטע שטימונג, עכטע אָנערקענונג. וואָס האָט
אַ פּעולה. „אַ דאַנק ס'איז בײַ מיר שטאַרק אָ'“.
„ס'איז דען בײַ אים אָ'?„. „זאָל כאָטש מײַן מי
(כּוונה אע) זײַן אָ'„. די מתּנה איז שטאַרק אָ„.
„אַלץ וואָס איך טו איז בײַ אים ניט אָ„„. „ אַ

,

דאַנק אײַך, — ‚זייער אָ'„. „—־ און וואָס ער
בּעט מחילה איז בײַ דיר גאָרנישט אָ'?„. (ניט)
א, זײַן צו רעדן, צו פֿירן אַ וויכּוח אע פֿפֿ:

אָ, ווי אויפֿן הונט, אויפֿן חזיר, ווי בײַ ליסקעס
[?] הונט.
„זוא איין [קלוגן] זון איז דיא שטראָף אַן
גיליגט“, לט1, צה/א. „מן זאָל איינם געבן וואו
עשׂ וואול אַן גליגט איז“, מנקת רבֿקה, שער
שביעי. „דו זאָלסט אונדז שיקן אייטל זעלכע
לײַטן די אונדזער צדקה אין זיי אָ, איז„, תּחנות
ובֿקשות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון
דיהרנפֿורט 1798], י/ב. „דעם וואָס תּוכחה איז אָ, —
דער וועט קומען צו כּבֿוד“, מס, משלי תּקע„ד,

יג, 18. ,,זאָל אים גאָט אַזוי העלפֿן ווי אָ, ס איז
אים וואָס עס האָט זיך גראָד בּאַדאַרפֿט אַזוי
מאַכן“, ממוס, שלמה.
אַן אָ'ער ג אַ ס ט = וואָס מען איז שטאַרק
צופֿרידן מיט זײַן קומען. ,,אַן אָ'ער גאַסט
פֿאַלט ניט צו לאַסט,,. פֿון אַ ניט־אָ'ן גאַסט
—
מעגסט אַנטלויפֿן אין האַסט,,; ,,ווען דער דלות
קומט פֿריִער אַרײַן, ווערט שוין קיינער אַן אָ'ער
גאַסט ניט זײַן,,, שוו. ,,אַז ס'איז געקומען אויף
שבת אַן אָ'ער גאַסט פֿלעגט מען שבת צום
טיש שיקן משקה, ווײַן און זאָגן דערבײַ: ,מיט
ליבּ אײַך מיט אײַער גאַסט',,. ,,אליהו הנבֿיא —
דער אָ'סטער גאַסט,,.
אויך: אָ'ער זון, אָ'ע טאָכטער, אָ, קינד; אָ'ער
אורח; אָ'ער ברית, אָ'ער מזל־טובֿ; אָ'ער רעגן,
אָ'ער פֿרילינג; אָ'ער מאכל, אָ'ע סעודה. ,,אַזאַ
יאָר אויף מיר סאַראַ אָ'ע בּאַלעבּאָסטע איר
זענט בּײַ מיר,,, בּ. וויִסמאַן, פֿון בּריסק בּיז
סעמיאַטיטש. ,,דער מענטש מיט זײַנע ווערטן
און אידעאַלן, מיט זײַן געפֿיל פֿון גערעכטיקייט
און דראַנג צו אייבּיקייט... איז אַן אָ'ער

בנבית אין קאָסמישן לעבן,,, גרינ, איד און וועלט.
אָ'ע אַ ר ב ע ט = א) וואָס מע האָט אָנגעלייגט
אַ סך; ב) וואָס איז אָנגעלייגט בײַ דעם וואָס
מע טוט פֿאַר אים; ג) וואָס מע טוט זי אָ ן
נוצן, אָ ן אַ פֿעולה. ,,ער האָט געווייקט אין
כלערליי זויערשטאָפֿן, געשמירט מיט וואַקס,
נאָר די אַרבעט איז אָ'‘‘, ייִז, 'אַלט־שטאָט'.
אָ'ע ס ח ו ר ה = א) אַ סך און געלייגט אין
(אַומ)אָרדענונג; ב) וואָס קומט שטאַרק צו ניץ.
,,אַוודאי איז דאָ [די מי־שברכ'ס] אין חודש
אלול נאָך אַן אָ'ערע סחורה ווי אַן אתרוג אויף
סוכות,,, קמ, 34 1868, No. אָ'ע שׂ ר י פֿ ה =
א) וואָס מע האָט אונטערגעצונדן; ב) וואָס לוינט
זיך.
3. וואָס מע האָט צו דעם אַ נייגונג, אַ נטיה.
אָ, צו אַ קלעפּיקער קראַנקייט. ‘‘אויף
טובערקולאָז ווערן קראַנק די וואָס זײַנען אָ, דערצו,,,.
,,זײַנען אַ סך מענטשן (דערעיקר דערוואַקסענע)
בכלל ניט אָ, (אימון) צו קראַנק ווערן אויף
דיפֿטעריט,,, צש פֿגעז, ווילנע 3 1924, No־4.

,

4. בגילופֿנדיק, פֿאַרשניאָשקעט, שיכּורלעך.
„אַלע זײַנען שוין געווען גוט אָ, פֿון קאָניאַק
און ווײַן„, דר, מ. דעמבאָווסקי, מיט די
קאָזאַקן איבער בוקאָווינע און גאַליציען,
ווילקאָווישק, יאָר? *זײַן אָ, = אָנגעגעסן איבער דער
מאָס. ־ערהייט — לאָזן אַלץ אָ, און
אַוועקגיין. ־קייט — עס רופֿט (ניט) אַרויס אָ'.
אָנגעלייזט — אַדי, פֿאַר אָנלייזן ←. אָ,
געלט. אָ'ע קלעפּ. ־ערהייט.
אָנגעלייענט — אַדי, פֿאַר אָנלייענען זיך ←.
דער געבילדעטער, דער אָ'ער. זײַן דער אָ'סטער
צווישן די סטודענטן. אַן אָ'ע(ר) מ י ט
מעשׂהביכלעך. „זי איז אַוודאי אָ, מיט נײַע ביכלעך,
מע דאַרף גאָר קענען מיט איר ריידן„, י. גוידאָ,
דער נײַער פּראָצענטניק, ווילנע 1893. „דער
אָ'ער הײַנטיקער לערער... נאָר ער קאָן גוט
לערנען און ערציִען דײַנע קינדער„, שלמה
באָנדאַרטשוק, אַ בריעף צו אידישע עלטערען,
אַדעס 1913 ־ערהייט ־קייט — „די

. .

גרויסע אָ, האָט פֿאַרטיפֿערט זײַנע רײַכע
נאַטירלעכע פֿעאיקייטן„, א. אַבטשוק איבז, איך
וויל לעבן, קיִעוו 1936.
אָנגעל□ען — אַדי, פֿאַר אָנלײַען ←.

אָנגעבּאָרגט, אָ, געלט. אָ'ענע אידייען. ־ערהייט.
־קייט.

אַנגעליקע — די, ־ס. (בּאַט) בּלומיק
געוויקס. וואַקסט אויף פֿײַכטן בּאָדן. דער וואָרצל
און די בּלעטער פֿון אַ, צייכענען זיך אויס
מיט אַ פֿײַנעם
אַראָמאַט און ווערן
גענוצט ווי אַ פּריפּראַװע
,
צו אַ צאָל ליקערן.
פֿאַראַן אויך אַ
ספּעציעלער אַ,־ווײַן,
אָנגערופֿן אויך אַ,.
,,... (דיזור מאגין
לאַקסיר ווירט אַזו
גימאַכט) נעם אין דר
אַפּטיק... איין לויט
(אַנגיליקא), דשׂ אַליז קליין גשניטן אונ,
גישטויסין... אונ, גיס דריבּר... בּראַנטווײַן...
לאָז ער דרײַא אודר פֿיר טאָג דישׂטולירן...
עטליכי טראָפּין אײַן צו נעמין“, סור II, כג/א.
.Anelica oinalis

אַנגעלסקע — אַדי. סל. וואָס איז אין
ענגלישן סטיל. אַ, ש אַ פּ ע — (סטאָליערײַ) מיט

קאַרניזלעך, מיט פֿאַרשיידענע באַפּוצונגען.
אָנגעלעבט — אַדי, פּאַר אָנלעבן (זיך) ←.
אָ, געלט פֿאַרמעגן. אָ'ע קרענק. אָ'ע
דערפֿאַ,
רונגען. ,,זײַן גאַנצע וועלט אין מיטן וועג
געלאָזט ווי אָ'ע לאַסט,,, פּמ, מלחמה I.
אָנגעלעגן — אַדי, פּאַר אָנליגן ←. אָ'ענע
ווינטערעפּל. "אַ פֿאַרשטיקטע וואַרעמע לופֿט
וואָס האָט געשמעקט מיט אָ'ענע קאַרטאָ□ל און
בהמה־מיסט", אָפּאַ, פּוילישע וועלדער.
אָנגעלעגנהייט — די, ־ן. ־□l־□I:
heit□e□. ענין. עסק. אינטערעס וואָס
פֿאַרבינדט פֿאָרן אין אָפֿיציעלע אָ'ן. זיך
קאָנצענ.

אָנגעלענט

טרירן אויף איין אָ'. אַ קאָמפּליצירטע אָ,. אַ
פֿאַמיליע(ן) אָ'. (ניט) האָבן (קיין שום) אָ'ן
-

-

מיט עמעצן. זיך מישן אין פֿרעמדע אָ'ן ,,צו
באַראַסן זיך מיט איר איבער מאַנכע אָ'ן,,,
אמד, דער פּאָרטעפּיאַגיסט, ווילנע 1878.
מיניסטער פֿון אויסווערטיקע אָ'ן,,, קמ, 3 1862, No.
,,... מאַכן די רעליגיע פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער אָ',
אַ וואָפֿן לגבי דער אויסערלעכער וועלט'',
וואָר II. ,,דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער
זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין שול־אָ'ן,,, זשיט II י, נ,,י
.1917
אָנגעלעגן זיין — צזוו. אַרכ. 1. שטאַרק

-

נוגע זײַן. ליגן אויפֿן האַרצן. אָנגעלייגט זײַן.
''וויל איך דעם קיניג זאָגן וואשׂ מיר איז אַן
גילעגן,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661, לג. ,,לוז דיר
אַן גלעגין זײַן דשׂ גזאַנג אם פֿורים, ווען
שוין מעגין זײַן שכּורים'', הt II פֿיורדא תּפּ,,ז,

,

ז. 2. וויכטיק זײַן. אַרן. אויסמאַכן. ''דעם

פֿאטר איז מער אַן גילעגן אַן זײַן קינד אַז
אַן זיך זעלבֿשט‟, חה, אַמשט 1716, מד/ב.
„דיא כוונה וואשׂ דער מענש האָט ווען ער זיך
צו זײַן ווײַב ביהעפֿט דא איז דשׂ מיינשׂטי אַן
גילעגן„, מהמ, אַמשט 1722, קנה/ב. „[מע
פֿאַרדעקט אויך די פֿיס פֿון מת]. איין טייל לאָזן
די פֿיס אופֿן. ווער עשׂ ניט טוט איז אַך ניט
אַן גלעגן‟, ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת שלמה,
אַמשט תק„ד. „עס איז ניט אַן גילעגן וואו איינר
ליגט [אויפֿן בית־עולם], נייארט בײַא גוטי לײַט
קומט צו ליגן‟, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II,
קיטן תּע״ז, כ. „זײַני יורשים... גדענקן ניט
אַן אירן פֿאָטער. מען מאג אים ברענן אָדער
בראטן... איז אין [= זײ] גאַר וויניג אַן
גלעגן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו
1796, פּרק ח.
אָנגעלעזן — אַדי, פּאַר אָנלעזן זיך ←. דטשמ,
אָפּט געניצט. דזוו אָנגעלייענט. „זי איז
געווען אָ, און האָט אַמאָל אויך אין אַ געזעלשאַפֿט
געקענט אַ מיינונג זאָגן‟, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. „... איז געווען שטאַרק אָ'. דאָס פֿלעגט
ניט־ווילנדיק אַרויסרופֿן אַכטונג צו אים‟,
אַלגעמיינער אידישער אַרבײַטערבונד, סטעפֿאַן
כאַלטורין, לאָנדאָן 1902. ־קייט.

אָנגעלענט — אַדי, פּאַר אָנלענען (זיך) ←.
זיצן אָ, ווי פּסח בײַם סדר. אָ, אויפֿן הסבֿ־בעט.
„מן טרינקט אַן גילײַנט אויף דיא לינקי זײַט
[דעם כּוס]", סידור, 1665, אָרט? "בײַ דעם עסן
זאָל מען ניט שטיין, נאָר זיצן גלײַך אָדער אָ,
אויף דער לינקער זײַט„, חא, לבֿ/ב. „אין דער
מערת המכפּלה זיצט אַבֿרהם אָבֿינו אָ, מיטן
קאָפּ אויף דער מוטער שׂרהס שויס", פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. שטיין אָ, אויף אַ
שטעקן. דער קאָפּ איז אָ, אויף אַ קישן. "צו דען
(דבור) [לא תגנבֿ] איז אַן גילאהנט דער (מאמר)
דז גאָט שפּראך צו (אָדם הראשון)...", מחזור
שלש רגלים, אַמשט 1713, רלח/ב. „זיי זײַנען
אָ, אין דעם אַש פֿון יצחק וואָס ער איז
געבונדן געוואָרן ווי אַ לאַם פּאַר אַ קרבן עולה",
מחזור לראש־השנה, סלאַוויטע 1832, יג/ב. "זיי
זײַנען אָ, אָן דײַן רעכטע האַנט„, מחזור
יוםהכיפּורים קרבן אַהרן, ווילנע תרכ"ח. „אַ באַרג

אָנגעלערנט

אַ הויכער... מיט גאווה אָ אַקעגן הימל„,

,

יהואָש, 'שבת נחמו'. ◻ ערהייט — עסן אָ,.
־קייט — ,,האָט זיך די מאַמע אויפֿגעזעצט פֿון
איר האַלבֿ־אָ',,, שלמה סײמאָן, טמז, XI 1953 ◻ .
אָנגעלערנט — אַדי, פּאַר אָנלערנען (זיך) ←.
אַן אויסגעשטודירטער, אַן אָ'ער. אָ, פֿון
בּיטערע נסיונות. ״ער איז אַן אויסגערייכערטע
ליולקע, אַן אָ'ער,,, פֿוול. ״איך בּין שוין אַן
אָ'ער, אַ געשלאָגענער הונט״ פֿוול. ,,ייִדישע
,
קינדער, גוט אָ'ע, וואַלגערן זיך נאַקעטע,
הונגעריקע...״, ממוס, 'אַ שטאָט אין מזרח,.
,,צוריקקומען אַהיים אַן אָ'ער אַז מע קאָן די
גאַנצע וועלט נישט אויסבּעסערן״, חג, צמח
אַטלאַס. ,,אַן אָ'ער, אַ בּאַרײכערטער מיט
בּיטערע דערפֿאַרונגען״, זשיט IX, נ״י 1919. ,,איך
בּין ניט קיין 'געלערנטער', אָבער אַן אָ'ער בּין
איך אַוודאי״, שנ. ־ערהייט. ־קייט —
גוואַלדיקע אָ, וו אַ רעזולטאַט פֿון
אומגעוויינ
לעכער התמדה.
אַנגעלקע — [ווייכע ל] די, ־ס [געוויינלעך מצ].
שוך פֿון אַן ענגלישן פֿאַסאָן, נידעריק, שפּיציק.
טאַנצן אין אַ'ס.
אָנגעמאָזאָליע(ווע)ט — אַדי, פּאַר

אָנמאָזאָליע(ווע)ן ←. אָ'ע הענט. ס'איז אָ, אויפֿן
הא<0xD6><0xB7>רצן. ← אָנגעזאָליעט.
אָנגעמאַזשעט — אַדי, פּאַר אָנמאַזשען ←.
אַן אָ, פּנים. אָ'ע געמעלן —ערהייט.
.
־קייט.
אָנגעמאַטערט — אַדי, פּאַר אָנמאַטערן (זיך)
. קומען פֿון דער אַרבעט (פֿון וועג) זייער
א'. אַן אָ'ער פֿון עבֿודת־פּרך ־ערהייט.
—
.
־קייט.
אָנגעמאַכט — אַדי, פּאַר אָנמאַכן ←. אָ'ע
פּראָדוקטן אויף צו פֿאַרקויפֿן. אָ'ע ציצית. אָ'ע
גרײַזן. אָ'ער שאָדן. אָ'ער טשאַד. אָ'ע צרות.
אָ'ע שאלה. אָ'ער טומל. אָ'ע מחלוקתן. אָ'ע
געשיכטעס. אָ'ע הויזן. ס'איז אָ, אויפֿן הא<0xD6><0xB7>רצן
(אויף דער נשמה) = אויסגעאיידלטער נוסח פֿון
'אָנגעדאָסט אויפֿן הא<0xD6><0xB7>רצן'. "איין פּריזנט
גיבּראכט צו דײַנום מלך, מיט איל אַן גימכט
אונ, מיט אלרלייא מעדנים,,, סהמ, ישעיה, נג,
9. "און גימאכט האלדר בּליט מאַכט מן בּורא
פּרי האדמה", ע)ה I, נו/ג. ,,אין די חדשים וואָס
דער בּוים טראָגט ניט קיין פֿרישע פּירות לעבּן

די אײַנוואוינער... מיט די אָ'ע [= געטריקנטע]
פּירות", קמ, 1 1862, No. "איז געבליבּן זיצן
אַזוי ווי אָ'", בּינטשע די צדקתּטע, וואַרשע
1883. ערהייט. ־קייט.
אָנגעמאָכעט — אַדי, פּאַר אָנמאָכען'. פּר.
,
פֿאַרסאָפּעט, אָ, פֿון לויפֿן. ,,קומט צוריק אָ,,
העשעט מיטן האַרץ", בּימקאָ, גנבֿים
אָנגעמאַלאַכאַיעט — אַדי, פּאַר
אָנמאַלאַכאַיען ←. אָ'ע היטעלעך צו פֿאַרקויפֿן אויפֿן
יריד.
אָנגעמאָלדן — אַדי, פּאַר אָנמעלדן (זיך) ←.
אָ'ענע מציאה. געפֿונענער און אָ'ענער טײַסטער.
אָ'ענע פֿאַרבּרעכנס. אָ'ענער גאַסט. ,,איז געווען
אַן אָ'ענע רעקוויזיציע,,, דר, א. י פֿריידענבּערג,
—
.
זכרונות, בּריסל 1938. ־ערהייט. ־קייט.

1466

אָנגעמאָלן. די אָ'סע פֿיגור. אַ בּילד אַן
ט — אַדי, פּאַר אָנמאָלן I ←. פּפֿ:
~געמאָ
אָ'טס. ,,אַ מזרח אָ'ט מיט לייבּן און
לעמפּערטן וואָס זענען פּאָכאָזשע אויף פּיפֿערנאָטערס",

ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר תרל״ו. *(בלייַבן)
שטיין ווי אַן אָ'טער (אָ'ענער) ג ו ל ם = אָן
באַוועגונג פֿאַרגליוועט, אָן אויסדרוק אויפֿן
— ,
פּנים. זײַן אַן אָ'טער (אָ'ענער) גולם = זייער
נאַריש, ניט קענען געפֿינען אַן ענטפֿער, ניט
וויסן ווי צו רעאַגירן. אָ'טער (אָ'ענער) גולם =
אויך: פּעיאָ וועגן יעדער מין פֿיגור אויף אַ
בילד, וועגן עמעצן אויף אַ אָטאָגראַפֿיע.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעמאָלן — אַדי, פּאַר אָנמאָלן II ←. פּפֿ:
י.,געמאָלט. אָ'ענע תּבֿואה. אָ'ענע ליגנס.
־ערהייט — אַוועקפֿירן די תּבֿואה אָ'.
־קייט — אָ, פֿון די האַסטיקע רייד.
אָנגעמאָלקן — אַדי, פּאַר אָנמעלקן ←. פּפֿ:
~געמעלקט. די אָ'ענע מילך. ־ער—
הייט — לאָזן די קי אין שטאַל ניט אָ'.
אָנגעמאָסטן — אַדי, פּאַר אָנמעסטן (זיך)
←. דאָס אָ'ענע רעקל. דאָס רעקל ליגט ווי
אָ'. עס איז (ווי, פֿונקט) אָ, = עס איז
אינגאַנצן צוגעפּאַסט; עס שטימט מיט. *
צוגעשניטן און אָ, — פֿיקס און פֿאַרטיק. ,,דער

שידוך איז סאַר אים (איר) אָ,״. אורח
פּאַר

טײַטשט 'דרושים לכל חפּציהם, (תּהליס, קיא, 2): אָ, [תּי: ״געפּאָרשט״]. ,,אויף זיי זענען באמת אָ, די רייד...״, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. ,,די ווערטער זײַנען אָ, צו זײַן שולמית,,, יד, הערשעלע. ,,דער בּחור איז פּאַר רייזלען אָ',,, שע, בּלאָנדזענדע שטערן II. ,,דער דאָזיקער קלוגער ענטפּער פּון דעם ייִנגל איז ווי אָ, פּאַר ווילנע״, דטש, ווילנע. ,,אַלע דרײַ ענטפּערס זײַנען גלײַך גוט און גלײַך אָ אָן

,

דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שׂכל״, זשיט I, נ״י 1912. *ס'איז נ י ט אָ, פּאַר אײַך פּאַר

,

אײַער כּבֿוד = עס פּאַסט ניט פּאַר אײַך. געבֿן (קריגן) אָ'ענע פּ ע ט ש (קלעפּ) = אמתע, געזונטע, אַזוי ווי דער געפּאַטשטער פּאַרדינט.
 ניט אויף מיר אָ, — בּײַם ווײַזן אויף דעם אייגענעם קערפּער אַזוינס וואָס מע וויל ניט עס זאָל געשען. ,,איר זעט, ער האָט געבּראָכן דעם פּוס אָטאָ דאָ [און ווײַזט וואו], ניט אויף

מיר אָ'‘‘; ‘‘די קויל האָט אים געטראָפֿן אין דער רעכטער זײַט בויך, אָטאָ דאָ, ניט אויף מיר אָ'‘‘. ‘‘לא עלינו — ניט אויף אונדז אָ'‘‘. ,,ער ליגט אַ געליימטער, ניט אויף אונדז אָ'‘‘ [אַנשטאָט: לא עלינו]. ‘‘זי איז געשטאָרבן אויף פּאָקן, נישט אָ, אויף אײַך‘‘, בּאַש פּאָר,

,

‘‘דאָס — ־קייט. ־ערהייט. 1967 I ▯ 10 אָ, פֿון אַזאַ מעטאָד פֿאַר אונדזער זשורנאַל איז פֿאַר מיר אַן אַקסיאָמע‘‘, נפּ, ייִפֿאַ, 1939 'l. אָנגעמאָרדעוועט — אדי, פּאָר אָנמאָרדעווען

זיך ▯ .. ,,אַן אָ'ער איז ער, ער האָט זיך איבּערגעאַרבּעט‘‘. ,,עס טראָגט אָן אַנטקעגן עמעצן... אַן אָ'ן מיט אײַנגעפֿאַלענע בּאַקן‘‘, סאָוו, היימלאַנד, 5 l965, No.

אָנגעמערקט

אָנגעמאַרק(יר)ט — אַדי, ▯ אַר אָנמאַרק(יר)ן ←. אָ'ע מאַפּע. אָ'ע מיזאַנסצענעס. ‘‘די אויפֿטוען אויף די אָנגעמאַרקטע געבּיטן‘‘, ימ, וואָס וויל דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, קאַונאַס 1926. ־ק(יר)טערהייט.

אָנגעמוטשעט — אַדי, פּאַר אָנמוטשען (זיך)
←. אָ'ע מענטשן. אָ'ע פֿון דער אַרבעט,
פֿון צרות אאַזוו ־ערהייט. קייט.

אָנגעמוסרט — אַדי, פּאַר אָנמוסרן ←. אָ'ע
בחורים. אַן אָ'ער, אַ פֿאַרשעמטער ־
ער־
.
הייט. ־קייט.

אָנגעמשבֿט — אַדי, פּאַר אָנמוֹשבֿן ←. „
זיצן בײַם אָ'ן טיש און רעדן וועגן אַחדות“, ייִז,
די ברידער אַשכּנזי. “אין ענגן אָ'ן שלאָף־חדר
האָבן שטענדיק געקראַצט מײַז“, באַש, דער)טן
אין גאָרײַ. “ס'איז שטענדיק אָנגערויכערט און
אָ'“, י. פּערלע, גילדענע פּאַווע ־קייט —
.
וואַרשעווער אָ'.

אָנגעמידט — אַדי, פּאַר אָנמידן (זיך) ←. אָ'ע
פֿליטים. אָ'ע האָרעפּאַשניקעס. „דער שלאָף איז
זייער זיס צו דעם אָ'ן מענטש“, איבז, ר, יצחק
האַמבורגער, יח יצחק, קראָקע 1882.

אָנגעמינצט — אַדי, פּאַר אָנמינצן ←. אָ'ע
מטבעות. אָ'ע מעדאַלן. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעמיצט — אַדי, פּאָר 'אָנמיצן, [פֿרגל:

אָנמיצלען]. אַרויפֿגעטאָן אַ היטל, אַ מיצקע. "קאַנדעלאַבּרען, אָ'ע אין גרינע מאַרלעווע היטלען", ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1932.

אָנגעמישט — אַדי, פּאַר אָנמישן ←. אָ'ע געטראַנקען. אָ'ער קאָפּ. "תּפֿילות... אַן גמישט פֿון מחשבֿה זרה פֿר טרײַבּט זיא דר מלאך ... סהדיאל פֿון די טיר פֿון היכל", קה, פֿיורדא 1743, י/א. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעמלאָכהט — אַדי, פּאָר אָנמלאָכהן ←. די אויף גיך אָ'ע בּאַשטעלונג. אָ'ע גראַמאָפֿאָנישע פּלאַטעס. אָ'ער פּאַסקוויל. אָ'ע, איבּעריקע געניטונגען אויף פּשוטע גראַמאַטישע כּללים. אַוועקגיין מיט אַן אָ'ן קאָפּ. "וואָס שטייסטו ווי אַן אָנגעמלאָכהנטער ״, אָפּאַ, 'פֿון ניו־יאָרקער געטאָ'. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעמסרט — אדי, פּאַר אָנמסרן ←. די אָ'ע יונגאַטשעס. אָ'ע קאָנטראַבּאַנדיסטן. ־ערהייט.

אָנגעמעטעט — אַדי, פּאַר אָנמעטען ←. אָ'ע ערטער. "ווי אַזוי זאָלן מיר דורכגיין די אָ'ע בּערג מיט שניי", אי. קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930.

אָנגעמעלדעט — אַדי, פּאָר אָנמעלדן (זיך) ←.
דטשמ, אָפּט געניצט, נר פֿרגל: אָנגעמאָלדן. אויך:
.
אָנגעמעלדט. „דאָס אָ'ע בוך מעשׂות פֿון
פֿוילישע ייִדן“, ש. ביקל, טמז, 21 1967 I.
אָנגעמעלקט — אַדי, פּאַר אָנמעלקן ←. פּפֿ:
~געמאָלקן. „ס'איז דאָ די פֿולקייט פֿון אָ'ע
קאַנען“, אפֿא'... שקיעה.
אָנגעמערקט — אַדי, פּאַר אָנמערקן ←. אָ'ע
שטעלן, פּונקטן, ערטער אאַזוו. אָ'ע

אויסבעאָנגענאָגלט

סערונג. שפּילן מיט אָ'ע קאָרטן. „געקוקט פֿון
קאַרטע האָט אַן אָ'ער וועַ', פּמ, מלחמה I. „איז
דאָך גנוג אהן גמערקט וויא ניטיג מן האָט אין
דעם לייאנן דיא תּורה מיט (אותיות ונקודות
וטעמים) זולכשׂ אויף דעם רעכטן פֿאָרום צו
רידן“, אבֿן יִראל, מעץ 17, ט/ב ־
ער.
הייט. ־קייט.
אָנגענאָגלט — אַדי, פּאַר אָננאָגלען ←. אָ'ע
ברעטלעך. אָ'ער צו דער וואַנט. „איין טייל
[פֿרויען אין גיהנום] זײַן אַן גינאגלט גיוועזן

אַן אירי פֿערשׂן, ווײַל זיא זײַנן פּרפֿוס [=
באָרווע] גאנגן פֿר מאַנשׂ פּרשונן", עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, פֿדמ, תּמ"ה? „.... שטייט
ווײַטער ווי אָ, בײַם בוים פֿון אָרט האָט
...'
ער זיך נישט געקענט רירן", ראָבינזאָהן, ווילנע
.1880
אָנגענאָדלט — אַדי, פּאַר אָננאָדלען ←. אָ'ער
זוים. „ווי אָ'ע צעפֿלאָכטענע דערנער אַלע זײַנע
פֿינגער צעוואַרפֿן זיך קרום", הל, 'קין און
הבֿל'.
אָנגענאַשט — אַדי, פּאַר אָננאַשן (זיך) ←.
אָ'ע ממתּקים. אָ'ע ברעקלעך פֿון דער סעודה.
אָ'ע פֿעטע רכילותלעך. אָ, פֿון פֿרעמדע
קולטורן. ־ערהייט.
אָנגענוגן — טרוו. גענוג(ן) אָן, ~גענוג(נ)ט.
נעאָל. מאַכן עס זאָל זײַן גענוג. אינגאַנצן
באַפֿרידיקן. „ביז הײַנט שטיי איך דורשטיק און
קאָן ניט אָ, מײַן תּאווה — אָט אַזעלכער בין
איך", יודל יאָפֿע, דאָס איידעמל, מאָסקווע
.1936 מיט ז י ך — זיך אָ, מיט די
פֿאַרגעניגנס פֿון עולם־הזה. „ער האָט זיך אָנגענוגנט
מיט איר און זי אַוועקגעוואָרפֿן".
אָנגענומען — אַדי, פּאַר אָננעמען ←. אָ'ע

זאַכן. סחורה, אָ, אין קראָם. אָ'ע קרענק. אַ'ער דאָקומענט. אָ'ע תּנאָים. אָ'ע מתּנה. אָ'ער כּלל. אָ'ער בּאַשלוס. אָ'ע פֿאָרמולירונג. אָ'ע תּפֿילה. אָ'ע שטראָפֿרייד. אָ'ער משרת. אָ'ער תּלמיד. „די אָ'ע האַנט האָט געציטערט“. אַרויפֿציִען

דעם אָ'עם עמער וואַסער. אַלגעמי ן אָ'. אָ, אַפֿילו אין דעם פֿאַל אַז....; אָ, אין דער סבֿרא אַז.... אָ, פֿאַר אַ ליגנער (ערלעכן מאַן). „נדן איז אין אַמעריקע ניט אָ,“. „בּײַ אונדז איז אָ, אַז פֿרויען בּאַטייליקן זיך ניט אין אַזוינע ענינים,. „איין יתום וועלכשׂ אַן גנומן איזט זאַל ניט לענגר מהחבֿרה

גמענטינירט ווער ן אַלשׂ עד שיהיה בּן ט„ו שנים ולא

יותר“, 'תּקנות מהחבֿרה מגדלי יתומים בּאַמ טטרדם„ תקמ„א [1781].

ספּעצ. אַקצעפּטירט אין אַ געזעלשאַפֿט. חשובֿ. אָ, אין דער וועלט. אָ, בּײַ גאָט און בּײַ לײַט. א ייִד א פֿיקח, אָ אַפֿילו בּײַ פּריצים. אַ גע,

-

לערנטער, אַן אָ'ער מענטש. ”אָ'ע לײַט שטאַרבּן

פֿאַר דער צײַט,,, שוו. ,,ער איז אַן אָ'ער מענטש
— וואו ער קומט, נעמט מען אים פֿאַרן קאָלנער
[און מע וואַרפֿט אים אַרויס]“, שפּאַסיק פֿוול
פֿטמ קען אויך בּאַטײַטן. אָנגענעם. “.־—
בּאַ.

קענט זיך... — זייער אָ',.. ,,כאָצי דער גוף
איז פֿול מיט לעכער, איז דיר, נשמה, מיטן

1467

גוף אָ,“, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא 1819.
,,אין ווינקל זאַל זיצט אויף אַ שיינע טײַערע
קרעסלע אַן אָ'ע דאַמע“, א, בּ, י, ה, מ, ז, ח,
[א. ח. ווײַנער], דיא קלוגע מציאה, ווילנע 1876.
אַנשטאָט אָ, — אָנגענעמען [לאַנגע ע נאָך נ],
אוקר.
—ערהייט. —קייט — אָ'ן, מנהגים. ,,
יעדער יחיד קריגט זײַן לשון פֿאַרטיקערהייט, ער
ווערט געבּונדן פֿון זײַן סבֿיבֿה מיט אירע
שפּראַכיקע געוואוינהייטן און אַ'ן,,, ימ, ייִשפּ
.X, 2ו III
אָנגעניגלט — אַדי, פּאַר 'אָנניגלען'. אוקר.
אָנגעפּיקעוועט, אָנגעשטאָפּט, אָנגעפּראָפּט. ,,ער

איז אַן עושר גדול, אָ, מיט געלט,,. ,,איז דער עטיוד אָ, מיט דיאַלעקטישע פֿאַקטן,,, נפּ, ייִפּאַ, 1939, 2.

אָנגעני זשעט — אַדי, פּאָר אָניזשען ←. פּפֿ: ~געניזעט. אַ פעלערינקע, אָ'זעט מיט גלעזערנע פּליטערלעך. ,,... צײַטונגען, דורכגעשפּיגעוועט און אָ'זשעט מיט... אַנאָנסן,,, שע, בלאַנדזענדע שטערן II. ,,אויף די רימענס זײַנען בײַ אונדז אָ'זשעט חאַנטגראַנאַטן,,, ש. ברעגמאן, אַפֿן מיזרעכ איז אומרואיק מאָסקווע 1934. ,,דער טאָפּל־קאַרק... אָ'זעט מיט געדיכטע טראָפּנס שווייס,,, נ. ברוסילאָוו, די שטילע ערד.

אָנגענייגט — אַדי, פּאַר אָנייגן ←. אָ'ער קאָפּ. אָ'ער אויער. ,,פֿאַר אַ סאָד... טויג צום בעסטן אַ גלײַכער אָרט וואָס איז ניט שטאַרק אָ, אין קיין שום אָרט,,. רעד, מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900. אָ'ע פֿ ל אָ ך — אַ ביסל אָנגעבויגן ־קייט.

.

אָנגענייט — אַדי, פּאַר אָנייען ←. אָ'ע מלבושים. אָ'ער אויסשטײַער. אָ, בענדל אע. אָ'ע ביינערנע קנעפּ. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגענעגלט — אַדי, פּאַר אָנעגלען ←. אָ'ע

בּרעטער. „ווען איין מעשׂר שטעקט אין דר בּאנק די ניט אַן גיניגלט איז — טאָר מן עז וואַל הרוישׂציהן אַם שבּת“, לט1, עג/א.
אָ'נגענעם — אַדי. פּפֿ: אַנגענעם, נר. פֿטמ:

,

אָנגענעמען, איינגענעס,
איינגענעמען. 1. בּאַקוועם, געמיטלעך, ליבּלעך. וואָס רופֿט אַרויס צופֿרידנקייט. וואָס העלפֿט צו ווערן אויפֿגעלייגט. אָ'ע דירה. אָ'ע סבֿיבֿה, געזעלשאַפֿט. אָ, פֿאַרן אויג, פֿאַרן אויער. אָ'ער ריח. אָ'ער טעם. אָ'ע איבּערראַשונג. אָ'ער קלימאַט. אָ'ע אַטמאָספֿער. אָ, עפּעס צו טאָן. אָ'ער מענטש. „עס איז אָ, צו פֿאַרבּרענגען מיט אים“. „האָט אַן אָ'ע ריַיזע„. „ווען דער פֿרילינג אַן קומט... איז דיא לײַט זער אַן גינעם“, לט 1, קנו/א. „(בּחורים)... דיא איין שיין אונ, אנגינאם (קול) האבּן“, שאַר. “האָבּן מיר זייער אָ, צוגעבּראַכט בּײַם...„, קמ, 47 1868, No. „אוי, ניט אָ, איז די שירה וואָס די ערד זאָגט“, ממוס, קליאַטשע. „די קוזנע... האָט געוועקט אין אים זיסע, אָנגענעמענע גע▯ילן“, ממוס, שלמה....
▯ז.וי אָ, עס איז פֿאַר אַ פֿרוי, ווען מענער דרייען זיך אַרום איר„, ספּ, ייִדישער

ניסט. „עס איז נישט אָ',,, ווײַס I, 'דאָס לעבן'.
*זייער אָ, ◌ֿ—. בײַם באַקענען זיך [פֿרגל ב2].
2 פֿטמ. דזוו גוט, פּאַסיק, פּונקט ווי עס
.
דאַרף זײַן. „דאָס וואַסער אין ים איז הײַנט אָ"".
„גיב אַ טאַפּ, סאַראַ אָ'ער שטאָף".
3. אַרכ וואָס איז לרצון. מלל פֿאַרטײַטשט
'יהי רצוי אחיו, (◌ֿרים, לג, 24): „אנגינעהם"
[תּי: „באַליבט„]. „אײַער ברנד אופּפֿיר זײַן
מיר ניט אַן גינעם ['עלותיכם לא לרצון']",
שעריר, ו, 20. "ווען דער מענטש אַן עבֿירה
טוט אין דער שתּיקה... און ער טוט ווידער
תּשובֿה, איז עס פֿאַר גאָט אָ',,, ר, אַבֿרהם
עפּשטיין, ברך אבֿרהס, לאַשטשעוו 1817.
4. אַרכ. וואָס ווערט (איז) אָנגענומען. „וויא
קאַן די תּפֿלה בײַא גאָט ית, שמו אַן גנעם
זײַן, ווען ער זיא טוט אויף איין אָרט דשׂ דא
איז ניט ריין", ר, יהודה ליב בר, משה, שירי
יהודה, אַמשט 1697. „די (תּפֿילה) פֿון איין יחיד
ווערט בלד פֿר שמעכט פֿון זײַני זינד וועגן
אַז... זײַן (תּפֿילה) ניט אַן גינעם ווער", לט1,
י/ב. „דער מענש זאָל אימר אַן תּפֿילת מנחה

גיוואָרנט זײַן, ווערין גוויש זײַן תּפֿלות ובֿקשות אַן גינעם פֿר הש״י זײַן״, עיון, מח/א.

5. אַרכ. חשובֿ בײַ עמעצן. אָנגענומען (וועגן אַ מענטשן). „הקצין... איזט... איין חכם מחוכם ע״ה גיוועזין... אונ, איזט אַך זער אַן גינעם גיוועזין אצל הקורפֿירשט״, גה, 170. „וואַר ער בײַא דיא לײַטן אין גרוישׂי עהרן... אונ ער אויך בײַא דען מלך זעהר אַן גנעהם וואַר״,

ר, יוס I דאַרמשטאַדט איבֿז, תּורת משה, קאַרלסרוא 1770. „זײַן דינשׂט בײַ דען קיסר אַן גנעם איז„, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, שקלאָוו 1796, פּרק ז'. „איז מיר מײַן גערײַזירטער לערער אָ'ער פֿון הונדערט שוחטים„, ייִל, משלחת, זשיטאָמיר תּרל„ו.

־הייט — אַרכ. ״דא איז איין זיסי אנגינאם הייט דרין״, שאַר, עט/א. ־קייט.

אָנגענעמלעך — אַדי. דזוו אָנגענעם (←),

פֿקפֿ פֿון אָנגענעם. אָ'ע באַגעגענישן ־קייט —

.

„אין דער באַנעמונג פֿון... איז עפּעס געלעגן אַ מין קאָמיזם און אַ טרייסטנדע אָ'„, מר III, 282.

אָנגענענדזעט — אַדי, פּאַר אָננענדזען'.

אָנ,

געשטאָפּט, אָנגעשאָטן (נאָר בשײַכות מיט פֿאַרמעגן). אָנגעבעטלט, אָנגעשנאָרט. אָ, מיט כּלטובֿ. „זי איז אָ, מיט געלט וו אַ חזירטע“,
׳

נאַד, טעג פֿון מײַנע טעג.

אָנגענעצט — אַדי, פּאַר אָננעצן ←. אַן אָ, טיכעלע. אָ'ע האָר. אַן אָ, ווינדעלע. ־ ערהייט.

אָנגעסאָכניעט — אַדי, פּאָר אָנסאָכניען ←. אָ, ברויט. די אָ'ע ערד. ־ערהייט.

אָנגעסדרט — אַדי, פּאַר אָנסדרן ←. „ביי אים איז שטענדיק אַן אָ'ע אומאָרדענונג'.. ־קייט.

אָנגעסהרט — אַדי, פּאַר אָנסחרן ←. אָ'ע מציאות. בלײַבן מיט אַ פֿולן שפּײַכלער אָ'ער תּבֿואה ־קייט.

.

אָנגעסטאָסעוועט

אָנגעסטאָסעוועט — אַד , פּאַר אָנסטאָסעווען .. אָ'ע שטיינער. „דער לאַנג־צעצויגענער פֿאַראַד פֿון די וועגענער מיט די אָ'ע טרונעס“,

ה. אָרלאַנד איבּז, איוואַן פֿראַנקאָ, באָאַ קאָנ
סטריקטאָר, קיִעוו 1940.
אָנגעסטויגט — אַדי, פּאַר אָנסטויגן ←. אַן
אָ'ע קופּע היי.
אָנגעסטעמפּלט — אַדי, פּאַר אָנסטעמפּלען
←. אָ'ע קאָנווערטן, דאָקומענטן אע. —
ערהייט.
אָנגעסטראָיעט — אַדי, פּאַר אָנסטראָיען (זיך)
←.. אָ'ע כּלים, אינסטרומענטן. אָ'ער יונג.
אָ'ע שוויגער. אַן אָ'ע מויד. אַן אָ'ער פֿאַראיבּל.
„עס וואַר אָ, די זאַך זייער גוט און זייער
קלוג", אמד, איינע פֿערדרייענעס, ווילנע ,18.
"מיר זײַנען ניט אָ, אויף ניסים, נאָר אויף דער
גרויסער טאָגטעגלעכקייט", אפֿא, טמז, 1967
IX 14. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעסטראָ()צלט — אַדי, פּאַר אָנסטראָ(נ)־
צלען (זיך) ←. אַן אָ'ע ווי חוהלע צום גט.
„ער שטייט אין ווײַסע הענטשן אָנגעסטראָצלט",
אַבֿרהם קאַהאַן, בּראָכשטיקער, כאַרקאָוו 1930.
ערהייט. ־קייט.
אָנגעסטראַשעט — אַדי, פּאַר אָנסטראַשען
.. אָ'ע יידן. „אָנגעשראָקענע, אָ'ע, זײַנען
זיי נידעריקער ווי גראָז, שטילער ווי וואַסער„.

־ערהייט. ־קייט.
אָנגעסטרונע(ווע)ט — אַדי, פּאַר
אָנסטרונעווען ◻.. „ווען... [ער] האָט די ראָלע געשפּילט, האָט ער די אַלע ציטעריק אָ'ע פּילאָסאָפּישע שטעלן אויסגעלאָזט“, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער.
אָנגעסטריגעוועט — אַדי, פּאַר אָנסטריגעווען ←. אָ'ער מלבּוש. „די טעאָריע... דאָס רובֿ מער אָ, איידער סיסטעמאַטיש דורכגעפּירט“, זשיט [מ. מ. ראָזענבּאַנס, עראינערונגען פֿון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, נ“י 1921].
אָנגעסילעט — אַדי, פּאַר אָנסילען ←. אויך: ~געסיליעט. אָ'ע פּאַטשערקעס. “דאָס כּתבֿ, ווי פּערל אָ, אויף אַ זײַדענעם פּאָדעם“, הר, פּאַש ◻ 2 1953 I. “ווערטער ייִדישע צום גראַם, אָ, פּרום ווי פּערל אויף די גלות־זילבּער־שניר לעך“, אפּא, ווײַסע שטאָט. ־ערהייט.
אָנגעסמאָל(י)ע(ווע)ט — אַדי, פּאַר אָנסמאָל(י)ע(ווע)ן ←. אַן אָנגעסמאָליעט פּישערשיפּל. „... עפּעס די שפּראַך גייט ווי אַ גוטער, אָנגעשמאָליוועטער דראַטווע דורך אַ ווייכער פּאָדעשווע“, דער מענשענפּרײַנד, נ„י 91 ◻ 1889, No 10.

אָנגעסמאַל(י)עט — אַדי, פּאַר אָנסמאַל(י)ען ←. אַן אָ, עוף. אָ, האָלץ. אַן אָ, גלעזל פֿון לעמפּל. אָ, אויף דער בערזע. „אין אָנגעגליטן חלל האָט זיך געפּילט אַן אָ'ער ריח פֿון אַ שׂריפֿה,„ ה. בערגנער, איק, ר„ה תּשכ„ח. ־ערהייט. ־קייט.

אַ( )געס־נפֿש   פֿטמ, אַנשטאָט עגמת־נפֿש.

--

1463

אָנגעספּעקולירט — אַדי, פּאַר אָנספּעקולירן ←. „וואו איז די קאָנפֿיסקירונג פֿונעם אָ'ן פֿאַרמעגן“, מ. שאַפּירע אַיבז, אי. אָלבראַכט, אַנע די פּראָלעטאַרקע, כאַרקאָוו, יאָר?
אָנגעספּרוזשינע(ווע)ט — אַדי, פּאַר אָנספּרוזשינעווען .. „זײַן מאַגערער שטאַרקער גוף איז אָ'„ ש. גאָדינער איבז, וו. סטאַווסקי, דער איבערבּרוך, מאָסקווע 1932.
אָנגעסק יעט — אַדי, פּאַר אָנסקויען ←. “זע נאָר... מע לאָזט אַרויס קעגן ,בונד, די מוידן, ווי אָ'ע הינט„ יודל יאָפֿע, פֿרישע קויכעס, מאָסקווע 1940.
אָנגעסקראָבעט — אַדי, פּאַר אָנסקראָבען ←.

אָ, טייג פֿון אַ דייזשע. אָ'ע באַקדייזשע. "אַן אָ'ע, קען זי נעבעך קיין קינדער ניט האָבן".
־ערהייט.

אָנ(גע)עלעקטריזירט — אַדי, פּאַר אָנעלעקטריזירן ←. אָ'ע דראָטן. אָ'ער עולם. „די גאַנצע בריגאַדע איז ווי אַן אָ'ע אויף די פּיס אויפֿגעשפּרונגען„, י פּאָליקמאַן, צווישן סאָפּ.

.

קעס, באַרדיטשעוו 1937. ־ערהייט.
־קייט.

אָנגעסאַטשט — אַדי, פּאַר אָנפּאַטשן ←. אָ'ע באַקן. אָ'ע יונגאַטשעס. אַוועקגיין (אַזוי ווי) אַן אָ'ער, ווי אַ בער אָן אַן עק. ־
ער ייִט.

אָנגעסאַטשקעט — אַדי, פּאַר אָנפּאַטשקען .. אָ'ע העפּטן. אָ'ע וואַנט. אַן אָ'ער עסיי.
־ערהייט.

אָנגעפּאָיעט — אַדי, פּאַר אָנפּאָיען (זיך) ←. אָ'ע בהמות. "אַן אָנגעטרונקענער אַן אָ'ער, האָט ער זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפֿן בעט". "האָט באַוואונדערט ווי אַזוי... זייער טיראָלער בהמה, מיטן גרויסן אָ'ן בויך, האַלט זיך אויף אַזעלכע בערך דינע פּיסלעך", זש, שקלאָווער

קינדער. ־ערהייט.

אָנגעסאַליעט — אַדי, פּ□ר אָנפּאַליען ←.

אָ'ער אריוון. אָ'ע שטובּ ־ערהייט ־קיי□ו.

. .

אָנגעסאָלסטערט — אַדי, פּאַר אָנפּאָלסטערן

□. אָ'ע קאַנאַפּֿע. „אַן אָ'ע מיט קאָנטראַבּאַנד, האָט זי אויסגעזען ווי אין נײַנטן חודש“.

־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּאָמאַדעט — אַדי, פּאַר אָנפּֿאָמאַדען

←. “די האָר פֿון דער... בּאָרד זײַנען אָנגעפֿאַרבּט, אָ'“, שע, סענדער בּלאַנק. „דער אָ'ער פֿילאָזאַף...„, בּ. מאַרשאַק איבּז, איליאַ ערענבּורג, דער טאָג דער צווייטער, קיִעוו 1936.

אָנגעסאָמפּעט — אַדי, פּאַר אָנפּֿאָמפּען ←.

אָ, וואַסער. אָ'ער עמער וואַסער. אָ'ע גומענע רעדער. אַן אָנגעבּלאָזענער, אַן אָ'ער כּלל־טוער. „האָט געהאַט אַן אָ'ן קאַרק, אַן אָנגעזויפּֿטע צורה“, חג, 'דער שטומער מנין'. גראָבּ: אָ'ע מויד.

אָנגעפּאַנצערט — אַדי, פּאַר אָנפּאַנצערן ←.

אָ'ער חייל. אַן אָ'ער מיט די בּעסטע ראַיות.

־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּאַרפֿומירט

אָנגעפּאַסגעדזשעט — לאָקל, קעלץ. דזוו אָנגעפֿאַסקודעט.

אָנגעפּאַסט — אַדי, פּאַר אָנפּאַסן (זיך) ←. אָ, קליידל. „זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן צו מאַכן... אַפֿילו אַ גוטן, אָבער ניט קיין אָ'ן וויץ„, בעמ I. "די עשׂרת־הדברות זענען... ניט אָ, פֿאַר איין פֿאָלק אַליין„, אַש, משה ־ער— ־ הייט. —קייט.

אָנגעפּאַסעט — אַדי, פּאַר אָנפּאַסען (זיך) ←. דזוו אָנגעפּאַשעט. „די בהמות... גייען אַהיים זאַט און אָ'„, יִראל אורינשטיין, אַ וואול יונגיל חלעבין, לעמבערג 1882. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּאַסקודעט — אַדי, פּאַר אָנפֿאַסקודען ←. פּפֿ: ־קודזשעט, ־קודזיעט. אָ, פֿון מיסט, אָפּפֿאַל, צואה אע. אין אָ'ן חדרל. עס איז אָ, אויפֿן האַרצן (אויף דער נשמה).

אָנגעסאַפּט — אַדי, פּאַר אָנפֿאַפֿן ←. אָ'ע אָכיצעס. אָ'ער קאַרטאָן. „לאָמיר אָפּשאָבן אונדזערע צינגער וואָס זיי זײַנען אָ, מיט

לשוןהרע און רכילות", ש. בעקערמאַן, די יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886. ־ערהייט.

אָנגעסאַפּעכץ — דאָס, ־ן (־ער). דאָס וואָס עס איז אָנגעקלעפּט, צוגעקלעפּט צו עפּעס, אַזוי ווי אָנגעפּאַפּט. "די מעסערלעך פֿון דער שנײַדמאַשין מיט קאַלט וואַסער באַוואַשן פֿון דעם טונקל־גרינעם אָ',,, א. ראַבאָי, הער גאָלדענבאַרג.

אָנגעפּאַקט — אַדי, פּאַר אָנפּאַקן ←. אָ'ע קערב. פּאַרשוינען, אָ'ע אין בויד. די אָ'ע בויד. צווײַגן, אָ'ע מיט פּירות. אַן אַלמער, אָ, מיס ספֿרים. טראָטואַרן, אָ'ע מיט שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך. זיך לייגן שלאָפֿן מיט אַן אָ'ן בויך. דער גאַנצער טראַקט איז אָ, מיט פּליטים. *אַן אָ'ער = אַ דיקלעכער. "די קאַפּעטעס און פֿאות אָפּגעהאַקט, די קעפּ פֿול מיט הבלים אָ'", טעיאַטאָר. ,,געגנוג אָ'ע זעקלעך מיט פֿעדערן האָב איך... בײַ די שוחטים איבערגעפֿירט", ממוס, קליאַטשע. "לאָזט זיך פֿאַרפֿירן און לויפֿט... אַ דערפֿרישטער, אַן אָ'ער מיט האָפֿענונגען", אַר, 'פֿאַרמשכנט זיך אַליין'. ,,,... צווישן... קלויסטער און דער אָ'ער ברענענדיקער שול,,, אַל I, 'די מעשׂה מיט די קאָזאַקן און די ייִנגלעך'. ,,די הימלען זײַנען אָ, מיט וואָלקנס",

הל, 'די שעה פֿון גענאָד, ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעפּאַקעוועט — אַדי, פּאַר אָנפּאַקעווען

. אָ'ע זעק מיט תּבֿואה. אָ'ער טשעמאָדאַן.
„אַרויסגענומען אַן אַ'ן קאָנווערט פֿון דער בוזעם־קעשענע“, נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע 1965.

אָנגעפּאַרעט — אַדי, פּאַר אָנפֿאַרען ←. אָ'ע שטובֿ. אָ'ער ליילעך. אַן אָ, פּנים. „פֿון אינעווייניק האָט געשלאָגן אַ טונקעלע אָ'ע היץ“, שטערן, מינסק No. '1934 12 ־ערהייט.
—קייט.

אָנגעפּאַרסומירט — אַדי, פּאַר אָנפּאַרפֿו ירן

. אָ'ע ל אַלע. אָ, ווי אַ פֿאַריק אַכער.

ִ

אָנגעפּאַשעט

„איז ער אַן אויסגעפּוצטער, אַן אָ'ער צו איר

געקומען,,, אָפּאַ, 'מאַדאַם מאַרקיז'. ,,מיט דעם
אָ'ן טיכל האָט ער זיך אויסגעווישט דעם שווייס
פֿון שטערן“, ש. בּרעגמאַן, אַפֿן מיזרעך איז
אומרואיק, מאָסקווע 1934.

אָנגעפּאַשעט — אַדי, פּאַר אָנפּאַשען (זיך)

←. פּפֿ ~געפּאַסעט. אָ'ע בּהמות.
מיט אַן אָ, בּײַכל. פֿעטע, אָ'ע קינדערלעך.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּודעט — אַדי, פּאַר אָנפּודען ←. 1.
אַרומגעוויקלט אין טיכער. אַן אָ, קינד. 2.
אָנגעשראָקן.

אָנגעפּודערט — אַדי, פּאַר אָנפּודערן (זיך)
←. אַן אָ'ע דאַמע. ,,איר געזיכט וואַר אָ'“,
יע)ראָל אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, יאַס 1893.
,,ווײַסע העלדזער, שטיקער אָ, לײַבּ“, יהואָש,
'בּראָדוועי'. ־ערהייט. ־קייט. אויך:
 .־,געפּודרעט, סל.

אָנגעפּוזשעט — אַדי, פּאַר אָנפּוזשען ←.
אָנגעשראָקן. ,,די בּהמה... אַן אָ'ע און אַ
צעשראָקענע“, אי. קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו
.1930

אָנגעפּויטשט — אַדי, פּאַר אָנפּויטשן (זיך)
 .. אַן אָ'ער זאַק מיט בּעטגעוואַנט. ,,דער

בויך איז מיר אָ, און איך פֿיל מיך ניט־גוט“.
אָנגעפּויקט — אַדי, פּאַר אָנפּויקן ←. אָ'ער מאַרש. אָ'ער קאָפּ. “אָנגעלאָדן און אָ, מיט הרתעולמדיקע אויפֿטרייסלונגען“, נ. גאָרדאָן, טמז, .I 19􏰀3 11

אָנגעפּוישט — אַדי, פּאַר אָנפּוישן ←. פּפֿ: ~געפּויטשט, מג, פּאָד. מיט אַן אָ'ן בויך.

􏰀

זיך פֿילן אָ, פֿון גאַזן. אַ קראַנקער, מיט פֿיס אָ'ע מיט וואַסער. אַן אָנגעבלאָזענער, אַן אָ'ער ווי אַ באַלאָן. אַרומגיין אַן אָ'ער מיט נײַס. אַ פֿולער, אַן אָ'ער ווי אַ פֿאַס. אָ'ע באַקן. אַן אָ'ער מוסקל. ,,דער עולם האָט ליב... אַלץ וואָס איז אויפֿגעבלאָזן, אָ, און אָנגעבויכט“, דער לעבעדיקער, דער גרויסער קונדס􏰀 נ“י, XI 1912 24.
“שיכּורים, אָ'ע מיט ביר,,, מלה, 'דאָס ליד פֿון סוף זונטיק'. “די ליריק איז אַן אָ'ע, אַן... איבערגעוואַקסענע“, שנ, ייִד, שר􏰀 .בער אין סאָווי־רוסלאַנד. ,,איך בין אַ וואָלקן אַן אָ'ער מיט וויי און ווינט“, יעקבֿ פֿרידמאַן, ליבשאַפֿט — ער.

הייט. ־קייט. בײַ ווינטש: „ער זעט אויס
ווי אַן אָנגעפּויזטער נול‟.
אָנגעפּוכנעט — אַדי, פּאַר אָנפּוכנען ←.
אַן אָנגעשוואָלענער, אָ'ער פֿינגער. אַ בויך ווי
הר־ההר, אַן אַ'ע טרעמבע. ״ד מאַמע שטייט
י
מיט אָ'ע אויגן און 'פֿלאַטשעט, [= וויינט]‟,
ב. גאָרין, דיא מזיקים..., נ״י 1900. קללה:
אָ, זאָלסטו ווערן. אויך: ◻ „געפּעכנעט.
אָנגעסולווערט — אַדי, פּאַר אָנפּולווערן ←.
אָ'ע לופּט. „רײַסן אויף די אָ'ע האַרמאַטן‟, הל,
לידער פֿון אומקוס 1922. ״הערצער אָ'ע מיט
צאָרן‟, אקש, מזרח און מערבֿ, מאָסקווע 1940.
־קייט.
אָנגעפּול(י)עט — אַדי, פּאַר אָנפּול(י)ען ←.
אָ, מעבל. אַ פֿאַרקלאַפּטער קאָפּ און אַן אָ'ער

אויער (פֿון עמעצנס טענות ומענות). ־
ערהייט — לאָזן אַלץ אָ‟.
אָנגעפּונד(זשיר)עט — אַדי, פּאַר '
אָנפּונד(זשיר)ען'. אוקר. 1. דזוו אָנגעפּודעט, ב1.
„אַלע דרײַ אָ'ע האָבן ניט געהאַט קיין אָרט

אויפֿן שליטן“. 2. וואָס האָט זיך אַ סך אָנגעגעסן.
אָנגעפּונקטירט — אַדי, פּאַר אָנפּונקטירן ←.
אָ'ע מאַפּע. „די פּוסטע אַמעריקאַנערקע, אָ, אין דער ראָלע...„, בּ. ריווקין, ה. לייוויק....
אָנגעפּוצט — אַדי, פּאַר אָנפּוצן (זיך) ←.
אָ'ע שטיוול. אָ'ע פֿראַלי'נע. אָ'ער יאָלד. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפּייניקט — אַדי, פּאַר אָנפּײַניקן (זיך) ←.
.
אָ'ע אין די קעלערן פֿון אינקוויזיציע. אָ, אין דחקות און נויט. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפּינדרעט — אַדי, פּאַר 'אָנפּינדרען'.
אוקר. דזוו אָנגעפּודעט, בּ1. דזוו אָנגעפּונדעט.
אָנגעפּינטלט — אַדי, פּאַר אָנפּינטלען ←.
אָ'ע יודן, שינען. איבּערגעריסענע זאַצן, אָ'ע מיט די דרײַפּינטלעך. אָ'ע רמזים. אָ, מיט זומערשפּרינקלעך. ־ערהייט. —קייט.
אָנגעפּיעשטשעט — אַדי, פּאַר אָנפּיעשטשען (זיך) ←. אַן אָ, קינד. די אָ'ע בּת־יחידה. ־ערהייט. —קייט.
אָנגעפּיפּקעט — אַדי, פּאַר אָנפּיפּקען ←.
שווער צו אָטעמען אין אָ'ן צימערל. „דער וויכּוח איז געווען אַן אומקלאָרער, אַ

פֿאַררייכערטער, אַן אָ'ער״. —ערהייט.
אָנגעפּיקט — אַדי, פּאַר אָנפּיקן ←. אָ'ע
קערנער. „די ציג פֿלעגט זינגען אַ ניגון, איז
ער געווען אָ, מיט ייִדישע גראַמען וואָס וויגן
דאָס ליבטיקע קינד אין וויג״, יעקבֿ פֿרידמאַן,
פּאַמטעכער אין י)ראָל, ת„אָ 1968.
אָנגעפּיקעוועט — אַדי, פּאַר אָנפּיקעווען ←.
אַ שטובֿ, אָ, מיט קינדער. אַ העפֿט, אָ, מיט
העברעאישע שירים. אַן אָ'ער בויגן פּאַפּיר.
רייד, אָ, מיט אידיאָמען. אָ, מיט חכמה, מיט
קלוגע המצאָות. אָ, מיט כּל־טובֿ, מיט אַלדאָס
גוטס. אָ, מיט וויסן, ווי אַ מילגרוים מיט
קערנער. אַ קײַלעכדיק מענטשעלע, אָ, מיט פֿרעס.
*אָ'ער בּ ר י וו — געדיכט־געשריבענער מיט
קליינע אותיות אָדער מיט אַ סך ידיעות. ״די
פֿינצטערע, ענגע... דירות פֿול אָ, מיט שכנים,,,
,
די)כירות, לעמבערג 1896. ״די דאָזיקע
רויטע ציך איז אָ, מיט פּאַסירונגען פֿון איר
מאַמעס לעבן,,, אַר, 'דער מאַמעס פֿעדערן,.
„זונען־סיסטעם, מיליאָנען־מיליאָנען אָ״, מב״ם,
הוגה דעות I, ווילנע 1912. ״די גאָלדענע
קאָטש... אָ, מיט ספֿרים און כּתבֿי־יד,,, ייִט,

טאָג, 1959 23. —ערהייט. ־קייט.
אויך: ~געפּיגעוועט.
אָנגעפּלאָגט — אַדי, פּאַר אָנפּלאָגן זיך ←.
די אָ'ע, די אָנגעליטענע. "מיט אַ האַרץ, אָ, און פּאַרוואונדעט פֿון פֿליִענדיקע פֿײַלן אין לעבנסקאַמף", ממוס, שלמה. „אויסגעמוטשעט און אָ', הונגעריק און שלעפֿעריק, קומט ער אָן",

אָנגעפּענכערט

הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו 1934. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפּלאָד(י)עט — אַדי, פּאַר אָנפּלאָד(י)ען ←. אָ'ע קעצעלעך. אָ'ע ממזרים. אָ'ע גרײַזן. ־קייט.
אָנגעפּלאָנטערט — אַדי, פּאַר אָנפּלאָנטערן ←. אָ'ע פֿעדעם. דאָס אָ'ע עדות־זאָגן. אָ'ער באַריכט ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעפּלאַפּלט — אַדי, פּאַר אָנפּלאַפּלען ←.
אָ'ע נאַרישקייטן. אָ'ע רכילותלעך. ־ערהייט.
אָנגעפּלאַצט — אַדי, פּאַר אָנפּלאַצן ←. אָ'ע

גלעזער. אָ'ער באַלאָן. אָ'ע האָפֿענונג. „די שטים
ביַי [אים] איז געווען אַן אַ'ע„, ר. דונעץ איבּז,
זמיטראָק ביַאַדוליאַ, דער סאָלאָווײ, מינסק 1929.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּלוידערט — אַדי, פּאַר אָנפּלוידערן ←.
אָ'ע פּוסטע ריידעלעך. „אָנגעפּלאַפּלטע, אָ'ע,
זיַינען מיר זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען ערשט שפּעט
אין אָוונט„. ־קייט.

אָנגעפּלוישט — אַדי, פּאַר אָנפּלוישן ←.
1. אָנגעפּלוידערט. אָ'ע באַרימעריַיען. 2.
אָנגעבּלאָזן. אַרומגיין אַן אָ'ער. 3. אָנגעפּוישט.

אָנגעפּלומפּט — אַדי, פּאַר אָנפּלומפּן ←.
דאָס אָ'ע וואַסער. „ער אַן אָ'ער מיט מאַנקאָליע
ביז צום פֿלאַצן", פּמ, מלחמה II.

אָנגעסליוכעט — אַדי, פּאַר אָנפּליוכען ←.
דאַס אָ'ע רעגנוואַסער. אָ'ע פּאָמאָיעס. אַן אָ'ע =
וואול, אַ שוואַנגערע (אין די הויכע חדשים).
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעסלינדערט — אַדי, פּאָר אָנפּלינדערן ←.
אָ'ע פֿאַרמעגנס.

אָנגעפּלעט — אַדי, פּאַר אָנפּלעטן ←. אָ'ע
העמדער, ליַילעכער אאַזוו. ־ערהייט.

אָנגעפּלפּולט — אַדי, פּאַר אָנפּלפּולן ←.
אַן אָ'ע סוגיא. אָ'ער אויסטיַיטש. אָ'ער מוח.

־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפּעכט — אַדי, פּאַר אָנפּעכן ←. אַן אָ, שיפֿל. אָ'ער דאַך. „וואָס טויגן דײַנע פֿעדערן, ווען כ'בין אַן אָ'ער?“, יהואָש, 'דעם שיקזאַלס שפּאַס'.
אָנגעפּעלצט — אַדי, פּאַר אָנפּעלצן (זיך) ←. אַן אָ'ער הער. אָ'ער בעל־עגלה. אָ, אין (מיט) שניי. אָ, מיט געדולד. „אָ'ע שׂנאה צו מענטשן“, יג, תּוך I. “האָט [דער פֿוקס] זײַן אָ'ן עק מיט שפּאָט אַ הייב געטאָן“, דער אמת, באָסטאָן 8 1895, No. „דעם טאָקערס אָ'ע טיר פֿאַלט צו מיט אַ סטוק“, זש, שקלאָווער קינדער. “דורך אַן אײַזיק אָ'ן שײַבל שמעקט אַ וואָלף צום פֿלייש“, סוצ, סיביר —ערהייט — „אָ,
.
זעצט ער זיך צום טיש,„ יחיאל לערער מײַן הייס. ־קייט — “... אין דער גאַנצער אָ, מיטן קאָלירטן וואָלענעם שאַל אַרום האַלדז,„ ב. דעמבלין, ערבֿ נאַכט, ת אָ 1954.
„
אָנגעפּענכערט — אַדי, פּאַר אָנפּענכערן'.
,
אָנגעכלאָזן ווי אַ פֿענכער. „טראָגט זיך אַרום

מיט אַן אָ'ן אַני (איך)" [ליידיק און בלאָזט זיך, איז אָנגעבלאָזן].

אָנגעפּערעט

אָנגעפּערעט — אַדי, פּאַר אָנפּערען ←.

אָנגעשטאָפּטע, אָ'ע רוקזעק. אַן איבערגעלאָדענער, אַן אָ'ער מיט גאווה.

אָנגעפּראַוועט — ▯די, פּאַר אָנפּראַווען ←.

די אָ'ע רימענס אויף דער מאַשין. די וואַליקלעך, אָ'ע אויפֿן באַראַבאַן פֿון פֿעלץ־מאַשין. אָ'ע צודאַטן. אָ'ע מאכלים. אָ'ע העוויות ־

ער.

הייט. ־קייט.

אָנגעפּראַלט — אַדי, פּאַר אָנפּראַלן ←. אָ'ע מאַסע. אָ'ער עולם. "די... גאַס איז אָ, מיט מענטשן וואָס האָבן געמיטלעך שפּאַצירט", נ גאָרדאָן, טמז, 21 X 1965.

אָנגעסראָפּט — אַדי, פּאָר אָנפּראָפּן ←.

איבערגעפּאַקט, אָ, מיט מענטשן. אַ גבֿיר וואָס איז אָ, מיט געלט. אַ ביבליאָטעק, אָ, מיט ספֿרים. אָ'ע זעק, קערבֿ אע. שורות, אָ'ע מיט אינהאַלט. ,,עס האָט זיך געטאָן חושך, ווען שלום־עליכם איז אָנגעקומען... דער זאַל איז געווען אָ', מען

איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ", אלחנן צייטלין, 'מיט ספּעקטאָרן'. "יעדעס שטעטל איז געווען פֿול מיט לומדים, אָ, יראים ושלמים", א.

לאַנדא, ס􏰁ר הדרת אליהו, ווין, יאָר? „די... צײַט — אַן אייבּיק שוואַנגערע זונה פֿול אָ, מיט

,

זאָמען פֿון זײַן פֿון עקזיסטענץ", זשיט II, נ"י

,

1912. "יעדער זאַץ איז אָ, מיט אַזוי פֿיל לעבּן", בּ. ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער. „אַן א'ער צימער מיט פֿאַפּיר פֿאַרבּ, לײַוונט,

פֿענדז􏰁

,

לעך", שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿונ לעבּנ, מאָסקווע 1948 ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעפּראַצעוועט — אדי, פּאַר אָנפֿראַצעווען (זיך) ←. אָ'ע אַרבּעטאָרערס. אָ'ער פֿאַרמעגן. די אָ'ע חולאתן. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּראַקטיקירט — אַדי, פּאַר אָנפֿראַקטיקירן ←. פּפֿ: ~געפּראַקטיצירט. "איך בּין ניט קיין געלערנטער, נאָר אַן אָ'ער". „די אָ'ע בעלי־בּתים קלײַבּן אָפּ הינער לויט [אַזעלכע] סימנים...", יאַכ I.

אָנגעפּרוכנעט — אַדי, פּאַר אָנפּרוכנען ←.

אָ'ער שטאַם פֿון בוים. „די פּיס זײַנען בײַ אים
אָ', ער קען קוים שטעלן אַ טראָט“.
אָנגעפּרושעט — אַדי, פּאַר אָנפּרושען ←.
פּפֿ: ~געפּראָשעט, ~געפּרישעט. אָ,
מיט שטויב, אַש, זאַמד אע. אַן אָ, אויג. „עפּעס
אַ מונדשטוק מיט אָ אַש שווימט אַרום פֿון

,

אויבן“, ווײַס, 'בערל און שמערל'.
אָנגעסרינדעט, ־סרענדעט — אדי פּאַר
אָנפּרינדען, ~פּרענדען ←. אויך: ~
געפּרינדלט. 1. אָנגעטאָן אין אַ סך מלבושים,
אָנגעפֿעלצט. „ס'איז געווען ווינטער. די מאַמע
האָט מיך, אַן אָ'פֿרענדעטן, אַרויסגענומען אין
דרויסן“. „אָנגעפּעלצט און אָ'פֿרענדעט, אַזוי
ווי מע וואָלט דאַרפֿן פֿאָרן צום אײַז־ים“. “מ..
רעלע איז אָ'פּרינדעט אין הונדערטער
מלבושימלעך“, מ. קאַבריאַנסקי, סאָוו, היימלאַנד,
.l No ,193
אָנגעפּרעגלט — אַדי, פּאַר אָנפּרעגלען ←.
אָ'ע קאָטלעטן. „אָ'ע אויף דער זון, האָבן מיר

זיך אַ וואָרף געטאָן אין ים אַרײַן“. -
ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּרעסט — אַז״י, פּאַר אָנפּרעסן ←. אָ'ע העמדער. אָ'ער אייל. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפּשטלט — אַדי, פּאַר אָנפּשטלען ←. עפּעס אַן אומקלאָרע, אַן אָ'ע טעאָריע. אָ'ע דרשה. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿאַלדעוועט — אַדי, פּאַר אָנפֿאַלד(עווע)ן ←. אָ'ע בלוזקע. אָ'ער בויגן פּאַפּיר. אָ'ער גוידער. „זי איז געשטאַנען מיט דעם אָ'ן קלייד איבערן קאָפּ“, פּמ, טראָט פֿון דוירעס, מאָסקווע 1966. ־קייט — “פֿון צווישן דער ווייכער סאַמעטענער אָ'“, דאָרטן.

אָנגעפֿאַלן — אַדי, פּאַר אָנפֿאַלן ←. אָ'ענער שניי. די אָ'ענע באַנדיטן. אָ'ענער שׂונא. אָ'ענע מרה־שחרה.

-

אָנגעסאַנגען — אַדי, פּאַר אָנפֿאַנגען (זיך) ←. אָ'ע אַרבעט. אָ'ע פֿאָרשטעלדנג. „דיא אַן גיפֿאַנגני זאַכן איין סוף האבן“, חה, אַמשט 1716, יד/ב. “... דאשׂ דיא אנגיפֿאנגנה קוהר גליקליך גיענדיגט זײַא“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718 ־קייט.

.

-

אָנגעסאָקוסט — אדי, פּאָר אָנפֿאָקוסן ←.
ריכטיק אָ'ער אַפּאַראַט. „צו אָט דעם ענדציל
איז דער ייִדישער קיום... געווען אָ'", בּ.
ריווקין גרונט־טענדענצן...
אנגעפֿאַראיבּלט — אַדי, פּאַר
אָנפֿאַראיבּ,

לען'. „אַן אָ'ע איז זי ניט געקומען צו דער
חתונה". "אַן אָ'ער בּאַשליסט ער צו
פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ", בּ. ריווקין, אונדזערע
פּראָזאַאיקער.

-

אָנגעסאַרבּט — אַדי, פּאַר אָנפֿאַרבּן (זיך) ←.

פּפֿ: ~געפּאָרבן. אָ'ע ליפּן, באַקן. אָ'ע
פֿרוי. אָ'ע וועגט. אָ, פֿאַפּיר. „אַן אָ'ע זונה אין
אומפֿאַרשעמטן אָנטאָן“, נ לוריע, בריקן
ברענען, כאַרקאָוו 1929. „אין קריגס־מלבושים, אָ,
ווי אָסיען־בלעטער, אָ, ווי מאָרגן־הימל„,
יהואָש, הי־אַוואַטאַ ־ערהייט ־קייט.

.

-

אָנגעסאַרטיקט — אַדי, פּאַר אָנפֿאַרטיקן ←.
אָ'ע פּראָדוקטן. אָ'ע אָנצוהייבן די קאַמפּאַניע.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעסאָרן — אַדי, פּאַר אָנפֿאָרן (זיך) ←.
אָ'ענע אורחים. אָ'ענע בויד. די ישובֿניקעס,
אָ'ענע אויף די ימים־נוראָים. אָ'ענע פֿון אַלע

עקן וועלט. אַן אָ'ענער חזן מיט משוררים.
"אַרום טיש זײַנען געזעסן די אָ'ענע ווײַבער",
ש. בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָט, אַדעס
1887. "דאָס איז אַן אָ'ענער, אַ ליטוואַק", ממוס,
'בישיבֿה של מעלה,. "אין סאַמע מיט פֿון
דער... טאָרגאָוויצע האָבן אָ'ענע
אַקראָבאַטן...", שאיע שקאראָווסקי, קאַיאָר, מאָסקווע
1928. —ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿוילט — אַדי, פּאַר אָנפֿוילן ←. אָ'ער
בוים. אָ'ער עפּל. אָ'ע ציוויליזאַציע. ,,די
דעמפֿיקע, אייביק־נאַסע און תּמיד אָ'ע ברעטער
פֿון אַ האַפֿן־דאָק", ברוך גלאַזמאַן, שטיינוועבס,
מאָסקווע 1925. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿילט

אָנגעפֿולט — אַדי, פּאַר 'אָנפֿולן'. דזוו
אָנגעפֿילט. "מיט די אַלע אוצרות...
צונויפֿגעזאַמלט פֿאַר אַזוי פֿיל יאָרן... די אָ'ע מיט
זיי צימערן...,,, נס, הויפּטשטעט, מאָסקווע
1934. ־ערהייט.

-

אָנגעסורעמט — אַדי, פּאַר אָנפֿורעמען ←.

אָ'ע מגן־דודלעך. אָ'ע סטאַטועטקעס —קייט.

.

אָנגעפֿידלט — אַדי, פּאַר אָנפֿידלען ←. אָ'ע ניגונימלעך. *ס'איז אָ, אויפֿן האַרצן (אויף דער נשמה) = מען איז אין אַ שווערער, שלעכטער שטימונג. אַן אָ'ער = אַ באַשווינדלטער.

-

אָנגעסיטערט — אַדי, פּאַר אָנפֿיטערן ←. אָ'ע בהמות, גענדז, קינדער. אָ, מיט שונד, מיט אַבסטראַקציעס ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעסייכט — אַדי, פּאַר אָנפֿײַכטן ←. אַן -

אָ, טיכל. די אָ'ע וועגט פֿון נאַסן קעלער. "דשׂ זעלביגי אָרט וואו דיא וואַל גלעגין איז אַן גפֿײַכט", בע, כד/ג.

אנגעפֿיילט — אַדי, פּאַר אָנפֿײַלן ←. אָ'ע

אײַזנדלעך. אָ'ע נעגל. אָ, קינד = זייער סענסיטיוו פֿאַרצויגן, אָנקרייטיק, צעפּיעשטשעט.

„די קינדער זײַנען בײַ רעליען ניט קיין

שרעקעוודיקע און אָ'ע,„ יראל קאַפּלאַן, שליאָך און אומוועג, ת"אָ 1964, ז, 39. ־ערהייט. ־קייט.

־

אָנגעסייערט — אַדי, פּאָר אָנפּײַערן ←.

־

אָ'ער אויוון. פֿאָזיציעס אָ, פֿון שׂונא. „איר יונג פֿולבלעך פּנים איז געווען... אָ, און רויט", בערג, אָפּגאַנג. „אַ באַרעכטיקונג... איז אים צוגעטראָגן געוואָרן פֿון אַזאַ אָ'ע וועלט", עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924 ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעסייסט — אַדי, פֿאַר אָנ□ ײַפֿן ←. אויך:

□ —

~געס□ יפּן. אָ'ע ניגונים. אַן אָ'ער, אַן אָפּגענאַרטער. אָ'ער מלווה. □אין קעשענע (בײַטל, טײַסטער אע) איז אָ, = איז ליידיק, ניטאָ קיין געלט. ־ערהייט. ־(פֿיפֿנ)קייט.

אָנגעפֿילט — אַדי, פֿאַר אָנפֿילן (זיך) ←.

אָ'ע כלים, קערבֿ, טעפּ אאַזוו. אָ'ער טײַסטער. זאַל אָ, מיט מענטשן. פֿירות, אָ, מיט זאַפֿט. פֿלעשער, אָ, מיט אַגדעס. אויגן, אָ, מיט טרערן.

׳

אַן אָ, העלדזל. אָ'ע וואַרעניקעס. אָ'ער פֿעפֿער. אָ, מיט בטחון (יאוש). אָ, מיט ווייטיק. מיט בֿאַרימערײַ אָ'ער ענטפֿער. מיט רו אָ'ע שעה. אַ בליק, אָ, מיט ליבֿשאַפֿט. ”איך האָבֿ פֿאַר מײַן בעט איין משקל, מיט □ים אַן גיפֿילט; עשׂ טריפֿט אוישׂ טראָפֿין ווײַז“, נצ1, כג/א. „אַן אָ'ע הון וואָס איז צוגעניייט געוואָרן מיט אַ פֿאָדעם, טאָר מען אים ניט אָפּשנײַדן אום יומטובֿ„, לט2, עד/א. „מע זאָל ניט דאַווענען מיט אַן אָ'ן בויך“, ספֿר הנהגות טובֿות, וואַרשע תרנ“ב. „ר'האָט אַ קעפּל פֿײַער־פֿלינק, אָ, מיט תּורה“, פּרץ, 'מאָניש'. „צײַט איז ניט מער ווי

אַ קאַסטן, אָ, מיט איבּערלעבּונגען“, קאָר III.
־ערהייט — “פּאַרפּליִען מיט זיי אָ, גלײַך
אין די בּעטן אַרײַן“, ז. מוירער, זײַ נישט קיין
וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. ־קייט —
,,מאַטעריע איז אָ, ווי רוים איז

אויסגעשפּרייט

אָנגעפּיפּן

קייט“, זשיט. ,,יעדעס נעטל אונטער די אָרעמס
צעגייט זיך אַזש פֿון אָ, פֿון דעם לײַבּ“, ווײַס I,
אַ חתן ווערן'.
,

־
אָנגעסיסן — ← אָנגעפּײַפּט.
אָנגעפּיקס טואירט — אַדי, פּאַר '

אָנפּיקסטואירן,. אויך: ־טאַטואַרעוועט.
אָנגעשמירט מיט האָר־פּאָמאַדע אָדער מיט אַן אייל.
,,אַ גאַנצער פֿראַנט... די האָר ווי אָ'טואירט,
די באָרד גלײַך צעקאַמט“, יודל יאָפֿע, דאָס
איידעמל, מאָסקווע 1936. ,,אין די
ערשטקלאַסיקע האָטעלן... די אָ'טאַטואַרעוועטע
קעלנערס“, ש. ברעגמאַן, ניאָמקע שוואַרץ, קיִעוו
.1935

אָנגעסירט — אַדי, פּאַר אָנפֿירן ←.   אָ'ע
סחורה. אָ'ע אינטריגע. אָרקעסטער אָ, פֿון....
“ס'איז אַ קאַמף פֿון דעם לויתן מיטן שור־הבר
באַשלאָסן, אָ אַליין פֿון בורא“, אַר, 'אין די
,
שטעטלעך'. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפֿלאָדנט — אַדוו. < פֿלאָדן. גאַליציע.
אָנגעבלאָזן. אָנגעדרודלט. ברוגזלעך. ,,ער איז
אַוועק אָ'“. אויך: אַן אָ'ער.
אָנגעפֿלאָכטן — אַדי, פּאַר אָנפֿלעכטן ←.
אָ'ענע שטריק. אָ'ענע צעפּ. אָ, קערבל. אָ'ענע

ליגנס. „טראָגט די גילדענע און ווײַסע זאַנגען, אָ, אויף די שלייפֿן“, יהואָש, 'קאָזומי דער אַלטער שניצער'. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿלאַנצט — אַדי, פּאַר אָנ לאַנצן ←. אָ'ע בייטן. אָ'ער באַרג. אָ'ע ביימעלעך. אָ'ע זוימען פֿון האַס ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעפֿלאַסטערט — אַדי, פּאַר אָנפֿלאַסטערן ←. אָ'ע וועגן. מיט וואַפֿנע אָ'ע וואַנט. אָ'ער פלאַקאַט. „די פֿינצטערניש! איר פּאַנצער... אָ, איז מיט גיפֿט פֿון אוראַלט„, פּמ, מלחמה II. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿלאָסן — אַדי, פּאַר אָנפֿליסן ←. דאָס אָ'ענע וואַסער. אָ'ענע חשדים, מחשבֿות אע. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿלאַקערט — אַדי, פּאַר אָנ לאַקערן ←. אָ, פֿײַער. אָ'ער אויוון. אָ'ע געמיטער. „גיסט פֿונאַנדער... די לאַטקעס איבער דער אָ'ער עטער סקאָווערדע...„, צ. דאָלגאָפּאָלסקי, באַגעעפֿנטע טויערן, מינסק 1928 ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעפֿלויגן — אַדי, פּאַר אָנפֿליִען ←. אָ'־

ענע פֿייגל. אָ'ענע געסט. אָ'ענע מחשבֿות.
־ערהייט. ־קייט.
אנגעפֿליגלט — אַדי, פֿאַר אָנ ליגלען,. וואָס
,

קריגט פֿליגל(ען). אָ'ע אידעאַליסטן. אָ'ע
צוקונפֿט־פּלענער. "עס בײַטן זיך די בילדער, אָ,
פֿון התלהבֿות,,, אַל I, שׂמחת בית השואבֿה'.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפֿלייץ — דער, ־ן. אָנפֿלייץ (
כּסדרדיקער, לאַנג־דויערדיקער). ,,עס זענען מיט דעם
אימיגראַנטן־אָ, אָנגעקומען סאַרשידענע טיפּן",
-

ז. דיאַמאַנט, היימיש, דעצ, 1960.

1471
אָנגעפֿלייצט — אַדי, פֿאַר אָנפֿלייצן ←. אָ,
וואַסער. אָ'ע שפֿע. אָ'ער שטראָם פּליטים.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפֿליישט — אַדי, פֿאַר אָנפֿליישן (זיך)
... אַן אָ'ער אָקס. ,,... האָט מיר

געענטפֿערט די אָ'ע בעל־הביתטע“, יוסף חנני, איק, ר“ה תּשב“ח.
אָנגעפֿליקט — אַדי, פּאַר אָנפֿליקן ←. אָ'ע געגדז, הינער. אָ'ע פֿעדערן. אָ, פֿאַפּיר. “דער שניי האָט געשאָטן רואיק, און אין דעם רואיקן שאָט פֿון אָ'ע שטיקלעך פֿרישע ווײַסקייט...“, פּמ, דור־אײַן דור־אויס. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפֿלעדערט — אַדי, פּאַר אָנפֿלעדערן ←. אָ'ע פּלענער. “צווישן די אָ'ע פּאַפּירן איז געלעגן...“, די רויטע וועלט, כאַרקאָוו 1928, No 10.
אָנגעפֿלעקט — אַדי, פּאַר אָנפֿלעקן ←. אָ'ער בגד. אָ'ע רעפּוטאַציע. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעפּעלקערט — אַדי, פּאָר אָנפּעלקערן ←. אָ'ע געגנט. דער אָ'ער נגבֿ. ־קייט.
אָנגעפּעלשט — אַדי, פּאַר אָנפּעלשן ←. פּפּ: ~געפּעלטשט. אָ'ער וועקסל. אָ'ע ידיעות. אָ, עדות־זאָגן. ־ערהייט. —קייט.

-

אָנגעסעסטיקט — אַדי, פּאַר אָנפּעסטיקן ←. אָ'ע שילדן, אײַזנס. אָ, מיט אַ טיפֿן גלויבן.

־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿעפֿערט — אַדי, פּאַר אָנ עפֿערן ←.
גוט אָ'ע געפֿילטע פֿיש. מאָנאָלאָג, אָ, מיט וויצן.
„דער ראָש־ישיבֿה איז געווען שטאַרק
אָנגעפֿילט און אָ, מיט תּורה“, שאָלעם מירער,
אַנטיקלעריקאַלע פֿאָלקס־מײַסעס, מאָסקווע 1940.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעפֿראָרן, ־פֿרוירן — אַדי, פּאַר אָנפֿרירן
←. אַן אָ'ענער פֿון קעלט. „אין די שפּאַלטן
פֿון די ווענט גלימצערט דער אָ'פֿראָרענער
שניי“, א. י. סאַפֿיר אויס מינסק, חטאת
הקהל... II, ווילנע 1881. „איך קום צו צו אַן
אָ'פֿרוירן, מיט שניי באַשאָטן טירל„, בּ. שאַפֿיר,
קעלער־שטיבער, אַדעס תּרע„ט. ־ערהייט.
—קייט.

-

אָנגעסרעגט — אַדי, פּאָר אָנפֿרעגן (זיך) ←.
אָ'ער דין. אָ'ע שאלה. דער אָ'ער רבֿ. אָ'ע
רעדאַקציע. ־ערהייט. ־קייט.

אנגעפֿרענ(ד)זט — אַדי, פּאַר אָנפֿרענ(ד)זן
←. פּפֿ: ~געפֿרענדזלט. אַן אָ,
באַל

קלייד. אָ'ער טישטעך. ''שיינע פֿוסקליידער פֿון הירשנפֿעל, אָ, מיט הערמעלין־פּעלץ,,, יהואָש, הײַאַוואַטאַ.

אָנגעסרעסן — אַדי, פּאַר אָנפֿרעסן (זיך) ←.
אַן אָ'ענער מיט טרייפֿענעם קאָלבאַס, מיט כּלערליי טרפֿות. אַן אָ, פּנים. אַן אָ'ענער פּאַרוועני(ו). ,,דער פּאָפּ איז געווען אַזוי שווער אָ, אַז ער האָט קוים מיט אים געקענט אַריבערקלעטערן'' פּמ [בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923].

,,כּלבֿא שׂבֿוע... האָבן זיי גערופֿן בײַם ריכטיקן נאָמען; אַן אָ'ענער סוקין־סין,,, בּ פֿײַגענ.

אָנגעצויגן

בּוים, דיא גאולה, נ''י 1893. ,,אַן אַ'ענער ייִד האָט זײַן אָרעם שיסעלע מיט שטשאַוו

אויסגעזשליאָקעט,,, זש, דער ממזר. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעצאָלט — אַדי, פּאַר אָנצאָלן ←. די
אָ'ע ראַטעס. די פֿריִער אָ'ע מעדיצינישע הילף.
־ערהייט. ־קייט.
אָן געצאָלט — דזוו אומגעצאָלט.
אָנגעצאַסט — אַדי, פּאַר אָנצאַפּן ←. אָ,
וואַסער. ,,ער וועט באַצאָלן פֿאַרן אָ'ן בלוט".
־ערהייט.
אָנגעצאַצקעט — אַדי, פּאַר אָנצאַצקען (זיך)
←. אויך: ~געצאַצקעוועט. אָ'ע ווענט,
אַן אָ'ער זשורנאַל. ,,כאַפּן אַ גרויסן טינטער
און אים וואַרפֿן אינעם אָ'עווען מאָנאַרך אינעם
ווײַסן מונדיר", איבֿז, מאַקס העלץ, פֿונעם ווײַסנ
קרייצ צו דער רויטער פֿאָנ, אַדעס 1932 ־
ער.
הייט. —קייט.
אָנגעצאָרנט — אַדי, פּאַר אָנצאָר(ע)נען ←.
אָ'ע מאַסע. אָ'ער אויפֿפּאַסער. ,,אַבֿרהם הייבט
אויף דעם ווײַסן קאָפּ, דאָס פּנים — אָ',,, הר,
פֿאַרנאַכט ־ערהייט ־קייט.
. .
אָנגעצוואָגן — אַדי, פּאַר אָנצוואָגן ←. אָ'־
ענע קעפֿלעך. אָ'ענע קינדערלעך. אָ'ענער

יונגאַטש — ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעצוואונגען — אַדי, פּאַר אָנצווינגען ←.
אָ'ע אַרבעט. אָ'ע טובֿה. אָ'ער פּאַטריאָטיזם.
,,ישׂראל האָט געפֿירט דעם אָ'עם
פּאַרטיידיקונגסקריי', טמז, 2 1968 II. ־ערהייט. ־
קייט.
אָנגעצויגן — אַדי, פּאַר אָנציִען, אוטוו, טרוו
(זיך) ←. אָ'ענער בלאָטער. אָ'ענער פֿינגער.
אָ'ענער בויגן. אָ'ענער זייגער. אָ'ענע סטרונע,
ספּרונזשינע. מיט אָ'ענע לייצעס. אַן אָ'ענער
זעגל. אָ'ענע זאָקן. אָ'ענע אָדערן. אָ'ענע

מוסק־
לען. וואַסער, אָ, פֿון ברונעם. רייפֿן, אָ'ענע
אויף רעדער. אַן אָ, ציכל. אַ פֿעל, אָ, אין אַ
ראַם. אָ'ענע פּאַטשערקעס. אַ סוועדער אָ,
איבערן קאָפּ. מיט אַן אָ'ענעם שמייכל. די אָ'ענע
פּײַכטקייט, קעלט. אָ'ענער קרעדיט. אָ'ענע
קריגערײַ. אַן אָ'ענער, אַ פּאַראינטריגירטער.
אַן אָנגעבלאָזענער, אַ ברוגזער, אַן אָ'ענער.
*ר ע ד ן ווי אַן אָ'ענער = אַ סך, גיך, ווי
ער וואָלט געווען אַ מאַשינקע מיט אַ פּרונזשינע
וואָס מע האָט אָנגעצויגן. *אָ'ענע ב אַ צ י ־

א ו נ ג ע ן — האַלבֿ־בֿרוֹגזלעכע; אַזעלכע וואָס קענען גרינג זיך פֿאַרענדיקן מיט אַ קריגערײַ. אָ'ענע נ ע ר וו ן — געשפּאַנטע, ווען מע האַלט קוים אײַן רואיקייט. *אָ'ענע ש ט י מ ו נ ג — אַן אומבאַקוועמע, מיט אַ קאָנפֿליקט וואָס קען אויסבֿרעכן. *אָ'ענע בלוז(ק)ע — וואָס ווײַזט אַרויס די פֿאָרמען פֿון קערפּער. *מיט אַן אָ'ענער גוטסקייט, געלאַסנקייט, רואיקייט אע — מיט אַ געמאַכטער, אויף זיך אַרויפֿגעצוואונגענער. האַלטן זיך אָ, — וואַזשנע. יחוסדיק, אָנגעבֿלאָזן. „איידער דער געשוויר פּלאַצט, איז ער בײַ זיך אָ'„, שוו. *אָ'ענע בּ אַ ק ן — מאָגערע, אײַנגעפֿאַלענע. ▯אָ'ענע ח ו ש י ם — וואַך, גרייט צו רעאַגירן. אָ'ענע ט יִ — גוט פֿאַרבֿריט, גענוג שטאַרק.

אָנגעצונד

אָפּט מיט ז ײַ ן & וו ע ר ן. זײַן (ווערן) בײַ זיך אָ'. "קריסטאַל דיא אַן איין שנור אַן גיצוגן זײַן, ווען איין שטיק אויף גיט, ווערן זיא אַלי מיט אַנדר פֿר שפּרייט„, חה, אַמשט 1716, קמט/ב. „אויבֿ די בּרוסט איז שוין גוט אָ, מיט אייטער..." , טאַרלער רבי, סגולות

ורפֿואות II, לאָדז, 1910? “דער ייִד איז אין
גלות צו אַ האַנטזייגערל געגליכן. כּל־זמן ער
איז אונטער ידי־עשׂו ווערט ער נאָך יעדער
שאָקל און טרייסל כּסדר אָ, איבּעראַנײַס“,
ח. קוזנעץ, היימיש, מײַ־יוני 19▯0.

פֿפּ: אָ, וו אַ געשוויר, אַ מכּה, אַ פּרישטש,

וו אַ פֿרישטש אויף אַ מכּה, אַ מכּה אויף אַ
פֿרישטש. אָ, ווי אַ טראַליעס. אָ, ווי אַ זייגער,
אַ (ס)פֿרונזשינע, אַ בויגן, וו אַ סטרונע, ווי
אַ פּויק. אָ, ווי אויף הייוון. אָ, ווי פֿראָצענט.
אָ, ווי אַ חתן אין קאַלאָשן (לד: קאַלאָסן). אָ,
וו אַ רויטער מחותּן. אָ, ווי יעקעלע נאַר. אָ,
וו אַ פֿאַנ▯אַראָנקע. אָ, ווי בּרוך בּחור אין
בּאַרדיטשעוו. אָ, ווי דעם ראָש־ישיבֿהס
בּתּיחידה.

„די גאַנצע שטאָט האָט אים געליבּט און
געאַכט און ער האָט זיך געפֿילט אָ, [= צוגעצויגן]
צו זיי„. אפֿד, דיא צוריקגעקאָמענע ליעבּע,

ווילנע 1894. ״די פֿנימער אָ, ווי אין קראַמפֿן
און אַלע אבֿרים אין קאָנוואולסיע,,, ייִל, דאָס
פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895 פֿלייש און
,, .
אָדערן און הויט אויף די ביינער אָ,״, אַר, 'אין
שטאָט'. ,,עס צוקט בײַ איר אין לײַב די בושה
וו אַ רײַפֿער אָ'ענער געשוויר״, הר, הרודעס.
'
,,אַ שוים האָט פֿון זײַן אָ, מויל געטאָן אַ
שפּאַר״, פּמ, מלחמה I.
געניצט אויך מיטן ב: אָ נ ג ע ט אָ ן (
אָנציִען, טרוו, ב5). אַרכ. אין כּלל־שפּראַך נר
(סײַדן מיט ב6, אָנציִען, טרוו). ,,אַזוי ב אַ]לד
אַז דער זעלביגר [וואָס איז ניט נזהר געווען
בטלית קטן] שטאַרבט, ווערט ער בלד אַן גצוגן
אום פֿלעטיגי קליידר מיט צואות״, עח, לבֿ/ג.
,,דו ביסט זאָ לײַכט אָ', און דאָס מאָרגנוועטער
קען דיר חלילה שאָדן״, איבז הנ״ץ,
שולמית..., לובלין 1875. ,,אַ נקבֿה, אָ, אין
מלבושי־זכר״, מעה פליאות II, וואַרשע 1875.
,,אַלע בעלי־מלחמות האָבן געריטן אויף טײַערע
פֿערד, זייער רײַך אָ',,, טויזנט און איין טאָג,
ווילנע 1878. ,,זי איז געגאַנגען אָ, אין אַ פֿיל

היפֿשערן אָנצוג לכּבֿוד שבת“, מ. אחון, סיפּור משני בּעלי תּשובֿה, ווילנע תּרנ„ו. „איינער, אָ, אין אַ מין געשטריקט העמדל און אָנגעגאַרטלט אין אַ בּרייטן פֿאַסיק“, אַש, אַ שטעטל.
־ערהייט — „דער זייגער גייט ניט אויך
אָ'“ ־קייט — אַ שטײַפֿקייט, אַן אָ'. “אין
.
דער אָ, צווישן דעם קערפֿער און דער ערד„,
דר, מעריסאָן איבּז, ה. ספּענסער, די ערשטע פּרינציפּן.
אָנגעצונד — דער, ־ן. נעאָל. מצבֿ פֿון זײַן
אַנגעצונדן. “דער בּוים האָט זיך דערשראָקן... גענומען לויפֿן, לויפֿן ווי אַ בּרענעדיקער הירש. ... זײַן אָ, האָט אַלץ בּאַפֿלאַמט“, סוצ, וואַלדיקס.

אָנגעצונדן — אַדי, פּאַר אָנצינדן (זיך) ←.
אָ, פֿײַער. אָ, ליכט. אָ'ענע האָלאָוועשקע. אָ'ענער לאָמפּ, שײַטער. אָ'ענע מנורה. אָ'ער חנוכּהלאָמפּ. אָ, הויז. אָ'ענער מוט. מיט אַן אָ, קינדל אין האַנט. *אַן אָ'ענער — א) אַ התלהבֿותדיקער; בּ) זייער אין־כּעסער. בּיז גאָר

אויפֿגערעגטער. וו ע ר ן אָ, — ווערן ביז גאָר
צעקאָכט, צעפּלאַמט, מלא־חימה. ווערן אָ, ווי
אַ שוועבעלע. ש ט יִ ן אָ, אין אַ פֿ ײַ ע ר.
ייִדן מיט אָ'ענע אויגן — וואָס דריקן אויס
התלהבֿות. „אַ פֿײַער איז אָ, אין מײַן נאָז
און עס ברענט ביז דער טיפֿער אונטערערד“,
תּי, דבֿרים, לבֿ, 22 ['כּי אֵש קדחה באַפּי'].
„... אַ הוילע, נאַקעטע נשמה... העל־בלוי ווי
דער פֿלאַם פֿון אָ'ענעם שפּירט“, ממוס,
קליאַטשע. “דיזע געדיכטע זײַנען געשריבן מיט
אַן אומגעוויינלעכן פֿײַער, אָ, פֿון אַ דאָפּלטער
קרענקונג“, אַלכּסנדר האַרקאַווי [מר I, הקדמה].
“דעם גיפֿט פֿון יאוש זויג איך אויס פֿון מײַנע
וואונדן ביז דו ווערסט אויפֿדאָסנײַ מיט
ליבשאַפֿט אָ'„, חג, שײַן פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן.
־ערהייט. ־קייט — “די אויגן ווערן אים
פֿאַרגאָסן מיט אָ'„, ווײַס, דאָס שטעטל.
אָנגעצוסט — אַדי, פּאַר אָנצופּן ←. דאָס אָ'ע
גראָז. אַן אָ, בערדל ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעצוקערט — אַדי, פּאַר אָנצוקערן ←.
אָ'ע יאַגדעס. אָ'ע רייד. “מ'קען מאַכן הבֿדלה
בשעת הדחק מיט אָ'ע טיי אָדער קאַווע“, סשי I,
צא. “ווען איינער חלשט... תּיכּף ווי ער ועט

צו זיך קומען, זאָל מען אים געבֿן... וואַסער
מיט עסיק אָדער מיט ציטרין־זאַפּט, אָ'", אַל"ק
איבֿז, דער דאָקטער בוך, וואַרשע 1882. ־
ערהייט. ־קייט.

אָנגעציטערט — אַדי, פּאַר אָנציטערן (זיך)
←. אָ'ע פֿון קעלט. "ער איז שוין אַן אָ'ער,
שרעק אים ניט פֿונדאָסנײַ". ־ערהייט.
־קייט.

אָנגעצײַגט — אַדי, פּאַר אָנצײַגן ←. אָ'ער

--

וועג. אָ'ער פֿאַרבֿרעכער. אײַנקוקן אין די אָ'ע
שטעלן פֿון תנך. „ווייל זיך דיזי ביז הער אַן
גיצײַגטי... מעהר הערן אונ, פֿר נעמין
ליסין...", 'שילדבורגר זעלצאַמי אונ,
קורצווייליגי גישיכטי" [אַווע III]. "דיזי געגן ווערטיגי
שעה... וויא שוין אַן גצײַגט איזט", קאַל, לבֿ
בּניס על אבֿותס, האַלע 1732 ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעצייכנט — אַדי, פּאָר אָנצייכענען (זיך)
←. אָ'ע פֿיגור. אָ'ער סימן. אָ'ע פּראָגראַם

פֿון אַרבעט. אָ'ער כאַראַקטער פֿון העלד. גיין
אויפֿן אָ'ן וועג. דאָס אָ'ע קוויטל פֿון אויבן.
דאָס אָ'ע מן־השמים. אָ, פֿון זײַן ליבן נאָמען.
בולט־אָ'ע קינבאַקן. *נישט פֿאַר מיר אָ, —
בײַם ווײַזן אויף אַ שטעל אין קערפּער וואו בײַ
אַ צווייטן איז דאָ אַ געשוויר, אַ וואונד, אַ
בראָך אע. מלל פֿאַרטײַטשט 'את הרשום
בכתב אמת, (דניאל, י, 21): „אָן גיצייבינט"
[תּי: „איז פֿאַרצייכנט"]. "דר וואַג שטאג [=
בעזמען] וואו אין איין זײַט דשׂ גוויכט איז אונ,

אָנגעצערט

אַן דען שטאָק זײַנן סימנים אַן גיצייכנט", ח,
אַמשט 1716, סב/ב. „באַקליידט אים דער מלאך
מיט די מלבושים די דא באַשאַפֿן ווערן פֿון די
עבֿירות... אויף די מלבושים איז אָ, וויפֿל
מאָל ער אַן עבֿירה געטאָן האָט", עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק ט. „אַלע
בייזע מעשׂים עס איז אָ, אויף מײַן גוף און
אויף מײַן פּנים",)רה בת טובֿים, תּחנה שער
היחוד על עולמות [פֿאַר 1836]. „... אַלץ
ביסלעכווײַז גערוקט אין איר אָ'ן אָרט„, מר I. "פֿון

דער דלאָניע אים געקוקט האָבן אַנטקעגן די
אָ'ע אויף איר די לעבנסוועגן, נאָך ניט
אַדורכגעגאַנגענע", האַל, מײַן אוצר. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעצײלט — אַדי, פּאַר אָנצײלן (זיך) ←.
דאָס אָ'ע געלט. אָ'ע שטימען. אָ'ע שטערן
אויפֿן הימל. אָ'ע שמיץ ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעצילט — אַדי, פּאַר אָנצילן ←. אָ'ע
ביקסן פֿײַלן. אָ'ער קאָליריקער סימן. אַ טאַראַן

,

אָ, קעגן דער וואַנט. אָ'ע אויגן. קוקן מיט אַן
אָ'ן בליק. „[אַ באַשייד פֿון חלום], אָ, אויף
אויסמאָלן די העכערע טואונגען פֿון דער
נשמה", מוו איבז פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז. „נײַער

,

כּוח צעוואַקסט זיך, נײַער שטאָלץ זיך
צעשפּילט... ווי צום פֿלי אָ", ב. לאַפּין, דער
פֿולער קרוג ־ערהייט ־קייט —
ליטע.
ראַרישע אָ'.
אויך: ~געצילעוועט — „אַן אָ'ער
משיחוואונק", שנ, קריטיק און קריטיקער. "די
... מויד פֿילנדיק אָ, אויף זיך די גלוסטיקע

בליקן פֿון מענער...“, בּ. ריווקין, גרונטטענדענצן.... „אַ פֿאָר אָ'ע אויגן פֿון אונטער דעם בייז גערונצלטן שטערן“, חג, צמח אַטלאַס.

אָנגעצימבלט — אַדי, פּאַר אָנצימבלען ←.

אָ'ער מאַרש. אָ'ער הינטן. ערהייט.

אָנגעציקלט — אַדי, פּאַר אָנציקלען ←.

אָ'ער כתבֿ. אָ'ע אויפֿשריפֿטן. „אויף אַ גרויס בלאַט ווײַסן פּאַפּיר איז געווען אָ'...“, א. קאַר פּינאָוויטש, בײַם ווילנער דורכהויף, ת"אָ 1967. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעצירט — אַדי, פּאַר אָנצירן (זיך) ←.

אָ'ע געמעלן. אָ'ע אין פֿאָדערבלעטער. אָ, אין טײַערע בגדים. "די גלובטי טעכטר די דא זײַן שין גוועזן מיט איר גלידר אונ מעשׂים טובֿים אַן גצירט“, קינות תּשעה באָב פּיורדא 1767.

"ווײַל מסתּמא איז די כּלה אָ, אין צירונג און טײַערע מלבּושים, האָט מען מתקן געווען צו איבּערדעקן איר דאָס פּנים“, ספֿר מטעמים, לאָדזש, יאָר? „די טאָכטער וואָס איז אַ יראתשמים די זאָל זיך נישט ווײַזן פֿאַר בחורים, ובפֿרט ווען זי איז שיין אָ'“, ר, יצחק האמבּורגער איבּז, פלא יועץ, ווילנע 1898. "אין די

ווײַטע לענדער בײַן איך פֿאַרוואָרפֿן און מיט
קייטן אָ'„ פֿל (גנ ים־ליד) ־ערהייט.
, .
־קייט.
אָנגעצערט — אַדי, פּאַר אָנצערן ←. אָ, געלט.
אָ'ע לעבנס־מיטלען. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעצערטלט
אָנגעצערטלט — אַדי, פּאַר אָנצערטלען (זיך)
←. אָ'ע קינדער. אָ, פֿאָרל ־ערהייט.
.
־קייט.
אָנגעקאָוועט — אַדי, פּאַר אָנקאָווען ←. אָ'ע
פֿערד. טירן אָ, מיט שטאַבעס. אָ, מיט
פֿעסטקייט, אמונה, מוט אע. *שטיין ווי אָ, = אָן
באַוועגונג. *זײַן אַן אָ'ער = אויך: זייער אַ
פֿאַרמעגלעכער. „[ער] און זײַן ווײַב... שטייען
ווי אָ, צו זען דעם סוף„„ יאַ, שטערנטיכל.
„זײַנען די ווילדע... געבליבן ווי אָ, שטיין„„
ראָבינזאָהן, ווילנע 1880. „כ'געדענק אַ
ווינטערנאַכט: די שטוב מיט פֿראָסט אָ"‘, יוסף ראָגעל,
אוישוויץ, מאָנטרעאָל 1951. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעקאָכט — אַדי, פּאַר אָנקאָכן ←. אָ'ע

שפּײַזן. אָ'ע װעטשערעס. „אױסגערעדט, אױסגעגאָסן אַלץ װאָס בײַ איר איז געװען אָ', אָנגעזײַערט אױפֿן האַרצן“, ג. ה. לעװנער, דער שטומער טאַטע, װילנע 1898. „װען די פֿאַרבֿ איז שױן אומעדום גלײַך אָ, קאָן מען [די קליידע▯] אַראָפּלאָזן [אין קעסל]“, ש. שפּיראָ, קליידער פֿאַרבֿערײַ, װאַרשע 1900. „ אױסגעזאַלצן, כּשר־געמאַכט פֿלייש און דערצו אָ, קען ליגן 15 טעג“, ז. מױרער, זײַ נישט קיין װאױלער יונג I, טאַרנאָװ 1911. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקאָכטס — דאָס. 1. דאָס װאָס זעצט זיך אָפּ נאָכן קאָכן. 2. דאָס װאָס מע האָט אָנגעקאָכט.

אָנגעקאַלייעט — אַדי, פּאָר אָנקאַלייען (זיך) ←. פּפֿ: ~געקאַל▯עט. לד. דורכגענומען פֿון פֿראָסט. „דיזער אומבּאַקאַנטער רײַזנדער... װאַר דורכגענעצט ביז דעם לײַב און װאַר רעכט אָנגעקאַליִעט“, אמד, דער ישובֿניק.

אָנגעקאָלירט — אַדי, פּאַר אָנקאָלירן ←. אָ'ע ל“ג־בעומר־אייער. אָ'ע קינדערשע צייכענונגען. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקאָסעט — אַדי, פּאַר אָנקאָסען ←. פּפֿ: ~געקאָשעט. אָ, גראָז. אָ, תּבֿואה. “אַ

פֿרישקייט פֿון צעפּריִעטן, אָ'ן היי", ש. גאָרדאָן,
צווישן אזאָווער און שוואַצן, מאָסקווע 1934.
־ערהייט.

אָנגעקאַפּעט — אַדי, פּאַר אָנקאַפּען ←. אַן
אָ'ער עמער רעגנוואַסער. אָ'ער טריוואַקס. אָ'ער
חלבֿ אויפֿן טישטעך. ־ערהייט.

אָנגעקאָפּעט — אדי, פּאַר אָנקאָפּען ←. אָ'ע
קאַרטאָפֿל. "אָ'ע טויזנט יען,,, י. פֿרידמאַן איבֿז,
וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער, מינסק
1936. ־ערהייט.

אָנגעקאַקט — אַדי, פּאַר אָנקאַקן ←. וואול.
אָ'ע הויזן. אָ'ע שטוב. אַרומגיין אַן אָ'ער, אַ
מיאוס אָפּגענאַרטער. *סאיז אָ, אויפֿן האַרצן=
ס'איז קאַלעמוטנע, אין זייער אַ שווערער
שטימונג. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקאַרבט — אַדי, פּאָר אָנקאַרבן ←.
אָ'ער שטעקן. אָ'ע קאַרניזן. אַן אָ'ע פּלאַנקע.
אָ'ע סימנים. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקאַרגט — אַדי, פּאַר אָנקאַרגן ←. אָ'ע
גראָשנס. אָ'ער נדן פֿאַר דער מיזינקע ־
ער.

הייט. ־קייט.
אָנגעקאָרמעט — אַדי, פּאַר אָנקאָרמען (זיך)
. אָ'ע בהמות. אָ'ע קינדער. אָ'ע צורה. אָ,
פּנים. אָ, .ט פּראָפּאַגאַנדע. „ס'ציט ווײַטער
די אַרמיי, אָ, מיט האַרמאַטן־פלייש“. „אַ פּעט
אָ'ע גרויע קאַץ... זיך אויסגעצויגן אויפֿן
שוועל“, חג, דער מאַמעס שבתּים. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעקאָרפּוליעט — אַדי, פּאָר 'אָנקאָרפּוליען'.
וואָס מע האָט אויף דעם לאַנג געהאָרעוועט,
געשוויצט, זיצנדיק אײַנגעבויגן. ניט קיין
אינטערעסאַנטע, און אָ'ע אַרבעט. “טוט מיט אַלע
כּוחות אַ שטעל צו דעם שטאַמפּ אויף דער
אָ'ער חתימה“, אי. קיפּניס איבּז, ק. גאָרבונאָוו,
דאָס אײַז גייט, קיִעוו 1930.
אָנגעקאָרפּעט — אַדי, פּאַר אָנקאָרפּען ←.
א טאַץ, אָ, מיט סעמעטשקעס פֿון אונדזער
- -
„ .
מאַמען... אַן אָ, ייִדיש בריוועלע“, אי. קיפּניס,
פֿון די יונגע אָרנ, קיִעוו 1939.
ו
אָנגעקאָשעט — ← אָנגעקאָסעט. „אַ
געלעגער... אויף פֿרישן אָ'ן היי“, מ. מ.
ראָזענבאום, עראינערונגען פֿון אַ מאָציאַליטט־

רעוואָלוצ אָנער ־ערהייט.

י .

אָנגעקוואַלט — אַדי, פּאַר אָנקוואַלן ←.

ס אָ'ע וואַסער. אָ'ע כּוחות. ״קיינמאָל איז די

,

וועלט ניט געווען אַזוי אָ, מיט מוזיק ווי

אונדזער דור,,, דער לעבּעדיקער, פּאַש, 1952 I 18.

־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקוואָלן — אַדי, פּאַר אָנקוועלן ←. אָ,

וואַסער. אָ'ענע אײַטערס. אָ'ענע מילך אין די

אײַטערס. זאָמען, אָ, אין וואַסער פּעטע, אָ'ענע

.

לייַבּער. אָ'ענע בּריסט. אָ, ◌.ט גלויבּן, בּטחון,

אמונה, קראַפֿט אע. מיט אַן אָ'ענעם בּויך. אָ,

ווי אַ מעוברתע (ייִדענע). מיט אָ'ענע אָדערן

פֿון די פֿיס. אָ, פֿון נחת. ״די אויגן, אָ'ענע

ווי די בּאַנקעס״, ממוס פֿישקע ,,די ערד,

,

אָ, צוליבּ דער נאַסקייט, איז פֿאַרוואַקסן

געוואָרן״, פּה פֿון ווײַטע לענדער. ,,

אונטערער◌ ,

דישע פֿאַרקירצטע און שטאַרק אָ'ענע

שטענג,

לעך־צווײַגלעך״, א. גאָלאָמבּ איבּז, ג. בּאָטש,

געוויקסן, וואַרשע 1920. „דער וואַלד איז שיכּור מיטווילדע אָ'ענע זאַפּטן“, יהואָש, 'אין טאַנץ'.
„שטייט מען אָנגעגורט מיט פֿריש אָ'ענעם אימפּעט און מיט באַנײַטער גבֿורה“, בּרוך האַגער, מלכות חסידות ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקוועטשט — אדי, פּאָר אָנקוועטשן (זיך) ←. אָ'ער זאַפּט. אָ'ע ווײַנטרויבן. אָ'ע מערידן. אָ'ע פּעדאַלן. אָ'ע פּיס. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקויטיקט — אדי, פּאָר אָנקויטיקן ←. אָ'ע צימערן. אָ'ע טישטעכער פֿון דער אָ'ער
„ .
פֿרעמדקייט רײַסט זיך אַ פֿאָעט צום יונגן מקור פֿון ייִדישן לשון“, יג, אין תּוך I ־
ער.
הייט. ־קייט.
אָנגעקוילעט — אַדי, פּאַר אָנקוילען ←. אָ'ע הינער, בּהמות אאַזוו. ־ערהייט.

אָנגעקלאָגט

-

אָנגעקויסט — אַדי, פּאַר אָנקויפֿן ←. אָ'ע מציאות, אַנטיקן אאַזוו. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקום — דער, ־ען. נעאָל מ ב פֿון זײַן אָנגעקומען. אָנקום. „עס געפֿינט זיך דאָרטן [אין מדינת־ישׂראל] אַן אָ, פֿון פֿאָרשידענע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק„, בצג, טמז, 1964 י30 I.

אָנגעקומען — אדי, פּאַר אָנקומען (זיך) ←. בשלום אָ'ע אַהיים. דער אָ'ער פּאָיעזד. אָ'ע אורחים, פּאַרשוינען. אַן אָ'ער עולם. אָ'ע עולים. אָ'ע פֿייגל. אַן אָ'ער עטאַפּ אַרעסטאַנטן. אָ'ע צו דער ריכטיקער צײַט. אָ'ע סחורה, מתּנות. דער אָ'ער יום־טובֿ. אָ'ע ידיעה. אָ'ע קרענק. אָ'ע מרה־שחורה. אָ'ער שגעון. אָ'ע ברכה. די אָ'ע אין אוניווערסיטעט. אָ'ער אויף אַ גוטער שטעל. אַן אָ'ער צום שׂררה. מקבל פּנים זײַן דעם נײַ־אָ'עם. די אָ'ע גרינע פֿרישע „. ערשט־אָ'ע קליינשטעטלדיקע פּיס וועט איר באַלד דערקענען אויף די אויסגעבּרוקירטע גאַסן„, ממוס, מסעות. “זײַן עובֿדה איז געווען צו צעטיילן פּלעצלעך... צווישן דעם אָ'עם

עולם“, אָפּאַ, אין די פּוילישע וועלדער -
ערהייט. ־קייט.
אָנגעקוקט — אדי, פּאַר אָנקוקן ←. די
אָ'ע כלה. אָ'ע פֿאָרשטעלונג. אָ'ע חידושים.
־ערהייט — אַוועקוואַרפֿן אָ'.
אָנגעקורסעט — אַדי, פּאַר אָנקורסענען'.
,

אָנגעבויגן, לר. < [:rsti

איַינגעבויגן. גיין, זיצן, שטיין אע אָ'.
אָנגעקושט — אדי, פּאָר אָנקושן (זיך) ←.
אָ'ע מאַמע, קינדער. די אָ'ע האַנט פֿון פּריץ.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקייט — אדי, פּאַר אָנקייטן ←. אַן
אָ'ער כלבֿ. אָ'ער טורמעניק פֿעסט פֿאַרשלאָסן
.„
ליגן אָ, די שטורעמס“, יהואָש, 'זומערנעכט'.
אָנגעקייט — אַדי, פּאַר אָנקיַיען ←. אָ'ער
--
טאַבעק. אָ'ע קרישקעס ברויט. אַן אָ'ע גומי.
־ערהייט.
אָנגעקייטלט — אַדי, פּאַר אָנקייטלען ←.
אָ'ע צאַצקעלעך. אָ'ע קרימינאַלניקעס. אַן אָ,
פּאָר ברילן. אָ'ע אידייען ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעקייקלט — אַדי, פּאָר אָנקײַקלען ←.

--

א'ע פֿעסלעך. אָ'ע קלעצער ־ערהייט.

.

אָנגעקילט — אַדי, פּאָר אָנקילן ←. אָ,
וואַסער. אַן אָ, געמיס. אָ'ע באַציאונגען. „אויך
ניט [באַטראַכטן די שטריכן פֿון האַנט] בשעת
ער איז צו פֿיל אָ', מער אַלס זײַן
געוואוינהייט“, ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע
1882. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקינדיקט — אדי, פּאַר אָנקינדיקן ←.
אָ'ע גזירה. אָ'ער מאַסן־אויפֿמאַרש. „אַן
אומ ליק, אָ, דורך אַ שופֿר צי אַ גלאָק“, בראָד,
גש. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקלאָגט — אַדי, פּאַר אָנקלאָגן ←. אָפּט
סוב. אַן אָ'ער פֿאַרן געריכט פֿאַרטיידיקן

—

.

אַן אָ'ן. דאָס אָ'ע לאַנד. אָ'ע אין (פֿון, בײַ)
דער אינקוויזיציע. „האַלט אַלע אָ'ע פֿאַר

אומאָנגעקלאַמערט

שולדיק,,, ייִפּאָל, 29 1883, No. ,,מיט
אַכפּערקייט און אונטערטעניקייט אין האַרצן שטייען
די אָ'ע אין ווײַסע קיטלען אָנגעטאָן,,, נ.
בּרוסילאָוו, בּײַ די טײַכן פֿון פּאָלעסיע. אָ'ע פּרנסה
= קאַליע־געמאַכטע, לאָקל (סאַנץ).
אָנגעקלאַמערט — אַדי, פּאַר אָנקלאַמערן ←.

□

אָ'ע וועש. אָ'ע פּאַפּירן. אָ'ע אין לעבן. אָ, אָן
(אין) גלויבּן. אָ, אָן דעם בּאַשעפֿער. ,,ער איז אַ
פֿאָר טעג אַרומגעטראָגן געוואָרן אויפֿן וואַסער,
אָ אָן אַ קלאָץ“, ירמי, יוסף יאַקאָבזאָהן, המאיר
,
לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. ־ערהייט. —קייט.
אָנגעקלאַפּט — אַדי, פּאַר אָנקלאַפּן ←. אָ'ע
מזוזה אויף דעם בּײַשטידל. אָ'ע קאַרטלעך מיט
אויפֿשריפֿטן. אָ'ע אייער. ,,איך בּין נאָך נישט
קיין אָ'ע הדשענה“, יצחק משה בּאַדער, צביה
פֿון אָדעסאַ, לעמבּערג 1905 [דאַרף זײַן:
אָפּגעקלאַפּטע]. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקלונגען — אַדי, פּאַר אָנקלינגען ←.
אָ, גלעקל. אָ'ע ידיעה, בּשׂורה. אַן אָ'ער, האָט
ער ניט געענטפֿערט. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקליבּן — אַדי, פּאַר אָנקלויבּן ←,

אָנקלײַבן ←.   אָ'ענע פֿירות. אָ'ענע שמאַטעס.
אָ, גאָלד. אָ'ענע קרעלן. אָ'ענער נדן. דאָס אָ'ענע
וויסן. אָ'ענע דערפֿאַרונג. אָ'ענע קאַרטאָטעק.
אָ'ענע פֿאַלדן = צונויפֿגעלייגטע,
אײַנגעדריקטע, אָבער נאָך ניט דורכגעניטע. „געגאַנגען
אין וואַלד מיט פֿולע שיסעלעך אָ'ענע
יאַגעדעס", ממוס, שלמה. "זיך מיישבֿ צו זײַן
וועלכער חבֿרה אין דער אַלטער היים מע זאָל שיקן
די אָ'ענע דאָלאַרס", דא, פֿון בערלין ביז
סאַן□ראַנציסקאָ. "אין איר [דער בינ□] מעגנדל...
שטאָפּן אָ'ענע פֿון דער וועלט אַרום", יהואָש,
די בין'. "צעריסן, צעפֿליקט און צעריבנס —
און מע רופֿט עס אָ'ס„ ווערטל.
אָנגעקליידט — אַדי, פֿאַר אָנקליידן (זיך) ←.
אָ'ע מלבושים לכּבֿוד שבת. אָ'ער בגד צו גיין
אויף (צו) דער שׂמחה. די וואַרעם אָ'ע קינדער.
אָ, אין טלית־קטן, קיטל אע. אָ, אין צרות, נחת
אאַזוי = האָט אַ סך צרות, נחת אאַזוי. זײַן אָ,
אין יראה, אַכפּערונג אע. די נשמה, אָ, אין גוף.
מתים, אַ, אין ווײַסן. *אָנגענייט און אָ, = האָט
אַ סך נײַע און גוטע בגדים. □זײַן גוט אָ, =
(אַקטיאָריש) האָבן ווילדע אײַנפֿאַלן. "צדיקים
די דא זײַן אַן גיקלייט ווי איין מענש אויף
דיזם עולם„ ספֿר עולם הבא הנקרא בפֿי כל

ספֿר הגן, אַמשט 1659. ,,דער עשׂו... אַן
גיקלייד מיט פֿנציר פֿון איַזן‘‘, אַלכּסנדר סענדער
עטהויזן, בּית י ראל וביתּ הבּחירה, אַמשט
1724. ,,דיא וויַל דער לייַבּ ניט פֿוילט אין קבֿר
זא קאַן דיא נשמה ניט רעכט אַן גיקלייט ווערן
מיט ליכט פֿון הקבּ,,ה,,, עפּש, דרך הישר לעולם
הבּא פֿפֿדמ תמ‘‘ה? ,,אויף די נאַכט נאָך דעם

תּענית פֿלעג איך מיך אויך נוהג זיַן צו גיין
אָ, אין אַ זאַק און אַש און אַ שטיין פֿלעג איך
לייגן צוקאָפּנס‘‘, קה. ‘‘דער אַשמדאַי...
אָנגעטאָן אין שלמהס קליידער, אָ, אין שלמהס פּנים,
שטייט און רופֿט מיט שלמהס שטימע‘‘, יהואָש,
'דזשאַראַדאַ, ־ערהייט ־קייט.

אָנגעקלעפּט — אַדי, פּאַר אָנקלעפּן ←. פּפֿ:
,געקלעבּט, ← אָנקלעבּן. אָ'ע מאַרקע.
אָ'ע אַפֿישן. אָ'ער קול־קורא. אָ'ער צונאָמען.
*אָ'ע קרובֿים, אומזיסטע פֿרעסערס. ‘‘די מאַלפּע
טוט זיך געשווינד אָן די שיך... דורכדעם קאָן
זי זיך נישט רירן, וואָרן די פּיס זענ ן אָ'בּט
אָן דער סמאָלע‘‘, ראשית למודים, לבֿוב 1862.

פֿאַר דעם וואַשן מוז מען אַכטונג געבן אויף
— ,,
די הענט... אַז עס זאָל ניט זײַן אויף זיי קיין
שום זאַך... אָ'בט'', הרבֿ ש. ז. שניאורסאָן,
ספֿר ברכות הנהנין, וואַרשע 1874. ,,זי איז אָ,
אין אַבֿנרן מיט אַלע כּוחות פֿון דער טומאה'',
אמ''ש איבז, בראַנדשטעטער, דיא ערליבּטע
רבּצין, ווילנע תּרמ''ט. ,,דער אידעאַל... ניט
אַן אונטערגעשטופּטער, אַן אָ'ער, אַ פֿאַרטיק
געגעבּענער'', ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול,
שאַוול 1922. ערהייט —קייט.
.
אָנגעקנאָבּלט — אַדי, פּאַר אָנקנאָבּלען ←.
א'ע קישקע פֿונאַנדערגעגאָסן די גוט אָ'ע

. ,,
פֿעטשאַ'', נאָטע לוריע, הימל און ערד,
מאָסקווע 1960. ־ערהייט.
אָנגעקנאָטן — אדי, פּאָר אָנקנעטן ←. אָ'־
ענער מולטער טייג. אָ'ענע חלות. אַן אָ'ענער=
מיט פֿעסטע פֿליישיקע מוסקלען. ,,געקוקט אויף
דער געזונטער אָ'ענער כּלה'', י. מעצקער, אויפֿן
זיידנס פֿעלדער ־ערהייט —קייט.
I
.

אָנגעקנאַקט — אַדי, פּאַר אָנקנאַקן ←. אָ'ע ניסעלעך. אָ'ע זײַטן. אָ'ער ליגן. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקנוילט — אַדי, פּאַר אָנקנוילן ←. אָ'ע פֿעדעם. אָ'ע וואָל. אָ'ער עסק. „איך וויקל אָפּ... מײַנע טעג פֿון זייער גאַנצן אָ'ן כלאַם“, הל, 'לידער צו אַ ווײַטן פֿרײַנד'. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקנייטשט — אַדי, פּאַר אָנקנייטשן ←. אָ'ע בויגנס. „געזאָגט מיט אַן אָ'ן שטערן„, ה. קאַמענעצקי איבז, מ. גאָרקי, אויסדערוויילטע דערציילונגען II, מינסק 1938. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקנייסט — אַדי, פּאַר אָנקנײַפּן (זיך) ←.
-

פּפֿ: ~געקניפּן. אָ'ע באַקן. אָ'ער לעקעך. ־ערהייט.

אָנגעקניפּט — אַדי, פּאַר אָנקניפּן (זיך) ←. אָ'ע שטריקלעך. אָ'ע באַציאונגען. אָ'ער שמועס. ניט גיין אום שבת מיט אַ פֿאַטשיילע, אָ, אין גאַרטל. „איין נ[אַ]רהייט איז אַן גקניפּט אַן הרצן פֿון יונג“, סהמ, משלי, כב, 15. “קטירא — זי איז אַן גקניפּט, די תּפֿלה לחי — צו דעם וואָס לעבט, עלמא — אייביגליך„, ספֿר אַקדמות

מיט עבֿרי טײַטש [לעמבערג? אָנהייב 19. י״ה].
,,גלײַך אַלז וויא איין פֿלאַם אַן איין צוכן אַן
גקניפֿפֿט,,, מענה לשון אויף טײַטש פֿיורדא
,
תקכ״ו. ,,דאָס האַרץ פֿון מאַן און ווײַב זאָל
זײַן גאָר איינס צו אַנאַנדער געקניפֿט מיט איין
קניפ פֿון ליבֿשאַפֿט, אַזוי ווי דער פֿלאַם איז
אָ, אין די קוילן,,, ר, משה בר, נתן נטע איבֿז,
שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. ,,דו ביסט מײַן
זיווג און מײַן האַרץ איז אָ, אין דײַנעם ווי

אָנגעקרײַזט

יעקבֿס אין רחלס״, אַש, תּהילים־ייִד. -
ערהייט. —קייט — ,,זאָרג פֿון אַ מוטער פֿאַר
ווײַטערדיקער אָ, אָן לעבן,,, בערג, '
יאָרצײַטליכט'.
אָנגעקניפּן — ← אָנגעקנייַפּט. “
אַרײַנגעקומען צוריק אין שטובֿ אַ צעפּאַרעטע, אַן
אויסגעקושטע, אַן אָ'ענע“, חג, טמז 25 1953 XII.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקנעטן — ← אָנגעקנאָטן. ,,ס'קורצע
קלייד צווישן די פֿיס. די קני נאַקעטע, אָ'ענע“,
אָפּאַ, 'פּראַצע'. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעקנעלט — אַדי, פּאַר אָנקנעלן ←. אָ'ע
תּורה. אָ, לייעניש. —ערהייט. ־קייט.
אָנגעקעמט — אַדי, פּאַר אָנקעמען ←. פּפֿ.
~געקאַמט. אָ'ע האָר. אָ'ע פֿריזור. אָ'ע
וואָל ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעקערט — אַדי, פּאַר אָנקערן, טרוו ←.
אָ'ע היי און שטרוי. אָ, מיסט. אָ'ער עמער.
אָ'ער אונטערשלאַק. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקראָגן — אַדי, פּאַר אָנקריגן ←. פּפֿ:
, געקריגן. דאָס אָ'ענע געלט. אָ'ענע
מתּנות. אָ'ענע בּריוו. אָ'ענער צוזאָג. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעקראָכ מאַל(י)עט — אדי, פּאַר
אָנקראָכמאַל(י)ען ←. פּפֿ: ־מלט. אָ'ע
העמדער. אָ'ע אונטעררעק. אָ'מלטע לאַטקעס. גיין
(זײַן) אַן אָ'ער = אַ שטײַפֿער,
אומבריינדלעכער. „דער שלייער [פֿון דער כּלה] האָט
בּאַדאַרפֿט זײַן ווײַס ווי שניי, אָ'מלט, אָנגעבּלאָווט
און אויסגעקויקלט“, ממוס, שלמה. „אַ מיש
מיט די אָ'מאַליעטע בּלעטער“, יהושע פּערלע,
'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי'. „אַרײַנגעצויגן ווײַסע
טאַשמע אין די שטײַף־אָ'מאַלעטע גאַרדינען,,,
שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿון לעבּן,

מאָסקווע 1948. —ערהייט. ־קייט.
אָנגעקראָכן — אַדי, פּאַר אָנקריכן ←. אָ'־
ענע ווערעם, פֿרײַסלעך אע. אָ'ענע בּעטלערס.
,,בּריט מען זיי אָפּ... צוזאַמען מיט די אָ'ענע
מוראַשקעס", אַגראָנאָם י. ראַסיין, די שענסטע
צימער בּלומען, קאָוונע 1932. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעקראָפּט — אַדי, פּאַר אָנקראָפּן ←.
אָ'ער אינדיק. אָ'ער זאַק מיט וועש. "מיט אַ
פֿאַרריסענעם האַלדז ווי בּײַ אַן אָ'ער קו,,, אָפּאַ,
— '
'אין אַ קאַלטער נאַכט'. אָ'ע אוגערקעס =
נאָכן אַרײַנטאָן, אַרײַנגעבּן אַ סך קראָפּ בּײַם
שטעלן אוגערקעס.
אָנגעקראַצט — אַדי, פּאַר אָנקראַצן (זיך) ←.
אָ'ע וואונד. אָ'ע גראָשנס. ־ערהייט. —קייט
— בּאַרואיקן די אָ, מיט אַ פֿראָשיק.
אָנגעקרויזט — אַדי, פּאַר אָנקרויזן ←.
אָ'ער קאָפּ האָר. "די סעקרעטאַרשע,
אויסגעפּוצט און אָ'", אַנע סטעלמאַך, אַפֿ
דאָרעמאוראַל, מאָסקווע 1947. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקרייזט — אַדי, פּאַר אָנקרײַזן ←. אָ'ע
--
טאַבּעלע. ,,מיר קרײַזן אין אַ קרײַז אַן אָ'ן,,,

יעקבֿ פֿרידמאַן, פּאַסטעכער אין י🗆tראל. —
ערהייט.
אָנגעקרייזלט — אַדי, פֿאַר אָנקרײַזלען ←.
-
אָ'ע האָר. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעקרייטיקט — אַדי, פֿאַר 'אָנקרייטיקן,.
פּֿטמ. דזוו אָנקרייטיק 🗆.. "ער איז אָ, אויף
די לונגען,,.
אָנגעקריניעט — אַדי, פֿאַר אָנקריניען ←.
אוקר. 1. ,,אַן אָ'ער אמת איז אַ ליגן", שוו.
2. אָ'ע זאַכענישן. אין אַן אָ, חדרל.
אָנגעקריצט — אַדי, פֿאַר אָנקריצן ←. אָ'ע
צייכנס. אַן אָ'ע מצבֿה ־ערהייט ־קייט.
-
. .
אָנגעקרעמפּט — אַדי, פֿאַר אָנקרעמפּן ←.
מיט אָ'ע מוסקלען ווײַזן ווי שטאַרק מען איז.
אָ'ע שטריק. "דער אוריאַדניק איז
צוגעשפּרונגען... און דעם שמיד געוויזן אַן אָ'ן פֿויסט",
ליפּמאַן־לעווין, דעמ שטורעמ אַנטקעגנ,
מאָסקווע 1939.
אָנגעקרענקט — אַדי, פֿאַר אָנקרענקען ←.

אָ'ע חולאתן. אַן אָ'ער = וואָס האָט אַ סך
קרענקונגען. „אַ פֿאַרביטערטער, אָ, פֿון אַלע
זײַטן פֿון אייגענע און פֿרעמדע„, בעמ I.
־קייט.
אָנגעקרעפּט — דזוו אָנגעקראָפּט ←. „
צווישן די טומלדיקע הענדלער האָט זיך
אָרויסגערוקט אַן אָ'ער מאַן„, ש. איזבאַן, צווישן
הונדערט טויערן.
אַנגער — דער, מצ ווי אצ. M d: an e r.
אַרכ. וויד, פֿאַשע פֿרײַער שטח, באַוואַקסן
.
מיט גראָז. „(מגרשיה) איז טײַטש אַנגיר און,
דאשׂ איז איין פֿלאַץ אום דעם שטאַט דז בהמות
דרויף ווײדן", סהמ, יהושע, כא, 13. אַזוי אויך
טח, ויקרא, כה, 33, רשי: „ניט עז איז
גיוועשׂט צו זיא [צו די לויים] ועלדיר און, ווײַן
גרטן, נײַערט הייזיר צו זיצן און, אירי אַנגיר„.
אָנגעראַבירט — אַדי, פּאַר אָנראַבירן ←.
אָנגעראַבעוועט — אַדי, פּאַר אָנראַבעווען
←. אָ'ע פֿאַרמעגנס. זעק מיט אָ'ער סחורה.
פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט איז נאָר
—
'אָנגעראַבעוועט, בײַ דעם אָרעמען גוי„, ספּ,
ייִדישער קאָלאָניסט ־ערהייט —קייט.

.

אָנגעראָיעט — אַדי, פּאַר אָנראָיען ←. אָ'ע גראָבּנס, אָקאָפּעס אע. ־ערהייט.

אָנגעראַנט — פּאַר פֿון 'אָנרענען'. אַרכ.

אָנגעלאָפֿן, אָנגעפֿאַלן. איבּערגעפֿאַלן. „ווער מיר הוט גישווארן דער זול בּאַלד קומן גען גלגל אין דאשׂ לאַנט. די פלשתּים אַל גימיינן ווארדן אַן גיראַנט„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 198. „זעכשׂ צעהן אונ בונף [— פֿינף] זײַנט זי גננט. זעכשׂ

.--

די הבּן מך אַן גראַנט“, 'ש. הוגרלנ'ס ווערפֿלליד', 15. י„ה [ריבֿ, קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן...].

אָנגעראָסט — אַדי, פּאַר אָנראָסטן ←. אָ'ע בּלעכן. אָ'ע מאַשין. *דער מוח איז אַ בּיסל אָ, = זײַן צעדרייט ־ערהייט.

.

אָנגערובּעט — אַדי, פּאַר ,אָנרובּען,. אוקר.

אָנגעוואָרפֿן. אָנגעשאָטן. „בּײַ איר איז שטענדיק אָ, אין הויז„..

אָנגערוגזט — [... רויגעזט] אַדי, פּאַר

אָנרוגזן ←. אַן אָ'ער מחותּן. אָ'ער אַלטינקער.
,,ער איז גרייט געווען איטלעכן אַרומנעמען...
אַפֿילו דעם וואַך־מיליציאָנער וואָס איז כּסדר
שוויַיגנדיק און אָ',,, א. ק. איבּז, גריגאָרי עפּיק,
פּעטראָ ראָמענ, באַרדיטשעוו 1934. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגערוזשעט — אַדי, פּאַר אָנרוזשען ←.
,,אַ קליינע, אַ ברייטע, מיט אָ'ע באַקן־
קישעלעך,,, באַש, פֿאָר, 1963 ￼ י20 I.
אָנגערויבּט — אַדי, פּאַר אָנרויבּן ←. אָ'ע
זעק סחורה. אָ'ע אוצרות. ,,ער הערט אין שרעק
צו יעדן שאַרך זיך צו. דאָס אָ'ע קריכט אין
בלאָטע זיך פֿונאַנדער,,, פּמ, מלחמה I. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגערויט(לט)
לט. מיט אָ'ע פּנימער פֿון
— אַדי, פּאַר אָנרויט(לע)ן ←.
פּפֿ: ~געררייט
פֿראָסט און ווינט. אָ'רויטער האָריזאָנט. ,,אָ'־
רויטלט שטאַרק פֿון וואַלד און ווינט...,,, נאַד
,,זוכן... אַגעדעס פֿלעגט ער אַרויסקומען
י
...
מיט אַ באָרד און וואָנצעס אָנגעבּלויט און
אָ'רויט — גאָר ווי געפֿאַרבּט“, מ. אַלטמאַן,

אַלמאַנאַך שטערן, קיִעוו 1 1947' No. ~
גערויטלטערהייט. ־טלטקייט.
אויך: אָנגערויטיקט — אַדי, פּאַר '
אָנרויטיקן'. ,,אַ יונגע פֿרוי מיט אָ'ע באַקן
און אַ הויכן ביוסט‘‘, ב. דעמבלין, וועסט סײַד,
נ,,י 1937.
אָנגערויכערט — אַדי, פּאַר אָנרויכערן ←.
פּפֿ ~גערייכערט. ,,אין צימער איז ענג
און אָ',,. אָ, פֿלייש. אָ'ע ליולקע = עמעצער
מיט אַ סך לעבנס־דערפֿאַרונג פֿאַרקראָכן אין
. ,,
אַן אָ'ן קלאָזעט פֿול מיט אומצוכט‘‘, דטש,
,
ווילנע.
אָנגערוכיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ גערוך,
אָן אַ ריח. אָ'ע בלומען. אָ'ע כעמישע
פֿאַרבינדונגען. ־יקייט.
אָנגערוסט — אַדי, פּאַר אָנרוסן ←. אַן אָ,
פּנימל. אַ ניט קיין געוואַשענער, אַן אָ'ער.
־ערהייט.
אָנגערופֿן — אַדי, פּאַר אָנרופֿן ←. אָ'ענע
נעמען. אָ'ענע עדות. דער אָ'ענער שם. די
אַזויאָ'ענע ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס. גאַסן אָ'ענע
אויף נעמען פֿון.... ‘‘די ווערעם וואָס מע

געפֿינט אין די פֿלוספֿעדערן פֿון די קאַרפּן
זײַנען די אַזוי־אָ'ענע פֿישלײַז,,.. ,,בײַ אַ
געוויינטלעכן באָדשוואָם אָדער אַזוי־אָ'ענעם
איידלשוואָם געפֿינען זיך...,,,, דר, איסעל איבּז, אָטאָ
שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924. ,,מיט נאָך ניט
אָ'ענעם פֿון קיינעם משוגעת איך בּויער דורך
די בּריוו, די ווײַט, די שטאָט, די גאַס‟, האַל,
מײַן אוצר. ־ערהייט. ־קי ט.
אָנגערוקט — אַדי, פּאַר אָנרוקן ←. אַן
אָנגעפּאַקטער, אַן אָ'ער זאַק. די אָ'ע טשאָלנטן.
דאָס אָ'ע היטל בּיז צו די אויגן. אָנגעבּלאָזן,

אָנגערײשט

מיט אָ'ע בּרעמען. ,,ער זעט אויס בּייז אָ',,
[= מיט אַ בּרוגז, פֿאַרקרימט פּנים]. ,,מיט אַ
פּאָר אַלטע שפּאַקולן, אָ, אויף דער שפּיץ נאָז‟,
ממוס, שלמה. ,,,... קומט אין שול, אָן קיטל
און טלית... מיט אַן אָ, פּנים און אויגן
האַלבּצעשראָקענע,,, פּרץ, ,בּערל דער שנײַדער'.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגערטן — טרוו. גערט אָן, ,געגערט. גאַ
ליציע, אוקר דזוו אָנגורטן. ,,אַז ער [דער
יצר־הרע] ווערט זעהן מיר זײַנן דאַר מיט צו

פֿרידן..., ווערט ער זאָגן: גערט אַן דײַן לענדן...,, חה, אַמשט 1716, צד/ב. ,,וועט ער זאָגן: גערט אָן דײַנע לענדן, אַנטפלעק דײַן אָרעם", חה, זשיטאָמיר 1848, ב, 20. ,,אויף דעם דאָזיקן גערט אָן זעק און קלאָגט און וויינט,,, לט2, כט/א.

אָנגעריבן — אַדי, פּאַר אָנרײַבן ←. אָ'ענע ציבעלע. אָ'ענע קאַרטאָפֿל. אָ'ענער פֿינגער. אָ, שוועבעלע. אָ'ענע מוסקלדיקע ברוסט. אָ'ענע פֿיס. אָ'ענע מאָרדע. אָ'ענער סאַמאָוואַר. ,,טוא עז אין איינן זויבר פּפֿענדל... גנץ קלאָר אַלישׂ צו זאַמן אַן גריבן", ספֿר רפֿואות, יעסניץ תּפּ,,ב [1722]. ,,האָט יעדערער גענומען אַ שטיקל ברויט, אָ, מיט קנאָבל,,, דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881. "זײַן [דעם פֿערדלס] אָ'ענער צעקראַצטער רוקן איז איר [דער פֿליג] אַקוראַט ווי געוואונטשן,,, ממוס, ספֿר הבהמות. "עס האָט געשמעקט פֿון אים מיט אָ'ענעם רעטעך,,, חג, ,דער פּרוש'. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגערידערט — אַדי, פּאַר אָנרידערן ←. אָ, טייג.

אָנגעריטן — אַדי, פּאַר אָנרײַטן ←. די אָ'ענע זעלנערס. דער אָ'ענער אָגער. ־ערהייט.

אָנגערייזט — אַדי, פּאַר אָנרײַזן ←. די
-

אָ'ע געסט. „אַמאָל האָט אַן אָ'ער יונגער מענטש
בײַ זיי געדונגען אַ צימער„, יהל, די
אונבּעקאַנטע פּערליעבּטע, וואַרשע 1901.
אָנגערייט — אַדי, פּאַר אָנרייען I ←. “
פּאָדקעווען וואָס זײַנען אַקוראַטנע געווען אָ, אויף
אַ דיקן קופּערנעם דראָט“, שירע גאָרשמאַן,
דער קויעכ פֿון לעבּן, מאָסקווע 1948. „מיר
שטייען אַלע אָ, אין רייען“, א. שומיאַטשער,
אין שעהען פֿון ליבּשאַפֿט.
אָנגערייכערט — אַדי, פּאַר אָנרייכערן ←.
דזוו אָנגערויכערט ..
אָנגערייעט — אַדי, פּאַר אָנרייען II ←.
„יעדער באָבּשויט איז אָ, מיט בּעבּלעך“. „דאָס
גראַז מיט טוי אָ'„, שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ
פֿון לעבּן, מאָסקווע 1948.
אָנגערייצט — אַדי, פּאַר אָנרייצן ←. אָ'ער
הונט. אָ'ער המון. די אָ'ע מלחמה. אָ'ע וואונד.
„בּרויך דײַן כּוח דוא אַן גירייצטר מאַן“, חה,
אַמשט 1716, צד/ב. —ערהייט. קייט.
אָנגערײשט — אַדי, פּאַר אָנרײשן ←. אָ'ע
ציבּעלע. „קליסקעס מיט בּעבּלעך, אָ'„ בּאַש,

פֿאָר, 24 XI 1962.

אָנגערייִשט זײַן

אָנגערייִשט זיין — לאָקל, קוויאַווע.

אָנגעשטעקט זײַן מיט אַ קרענק. „ר'איז אָ, מיט סוכאָטע" [וועגן סובאָטע פֿלעגט מען פּשוט זאָגן. אָ', ניט צו דערמאָנען די קראַנקייט].

.

אָנגערייִשע ן — דאָס, ־ער (־ן). יעדער מין שפּײַז וואָס איז אָנגערייִשט, ספּעצ. ציבעלע, געפּרעגלט מיט אַ ביסל שמאַלץ, פֿעטס.
אָנגעריכט — אדי, פּאַר אָנריכטן ←. פּפּ:
~געריכט. אָ'ע העלצער. אָ'ע סעודה.
"אויף דיא פֿערד וועהן זיא רײַטן אַן גריכט„,
סהמ, ירמיה, כ, 42. „באוך החיים — צום איביגן לעבן אַן גיריכט, וואו דא איז דאז לעבן אייטל ליכט", 'קינות אויף כמעלניצקיס גזירות, [מוו, בילדער פֿון דער ייִד,
ליטעראַטורגעשיכטע]. "איקל כה חופּה וחופּה איז איין טיש אַן גריכט פֿון אבנים טובֿות„, עולם הבא

הנקרא בפּי כל ס􏰀ר הגן, אַמשט תי״ט. „דיא עשׂרת הדבּרות וואַרן אַן גריכט אייני נאָך דער אנדר“, מחזור שלש רגליט, אַמשט 1713, רט/ב. „געבּענטשט זאָל זײַן מײַן אָ'ער טיש“, תּחנות ובקשות, ווילנע 1858, כד/ב [איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798]. „עס וועט ניט אָ, זײַן קיין ליגנער פֿאַר מײַנע אויגן“, לט2, נ/א.
אָפּט מיט וו ע ר ן — „מײַן גיבּעט וואָס איך בּעט איז נאָר מײַנע וועגן זאָלן אָ, ווערן צו היטן דײַן גיזעץ“, חה, סודלקאָוו 1820, ט/א.
אָנגעריכטונג — די, ־ען. זן. דזוו געריכט. ״זייער צופֿרידן מיט דער אָ, וואָס ראָבּינזאָן געמאַכט האָט“, ראָבּינזאָהן קרוזאָע, וואַרשע 1874.
אָנגעריסן — אַדי, פּאַר אָנרײַסן ←. אָ'ענע בּלומען. אָ'ענע בּערנעס פֿון בּיימער. אַן אָ'ענער פֿינגער. דער לאַץ איז אַ בּיסל אָ'. אָ'ענער 􏰀

נאַר = אָפּגעריסענער נאַר. ״ער גייט אָ
אָנגע' 􏰀
שליסן = אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. „אין מײַנעם האַרצן איז מיר אָ', מײַנע יאָרן פֿליִען מיטן

רויך אַוועק" פֿל. „איר וועט באַווײַזן דער
מאַ,
מען אַן אָ'ענעם אויער", שע, אָרימע און
פֿרעהליכע II. "אָ'ענע בלאָטערן מוזן פֿלאַצן. און
וואָס פֿריִער — בעסער", הל, 'דאָס קראַנקע
צימער 1918'. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעריפּעט — אַדי, פּאָר אָנריפּען ←. אָ'ע
מוזיק. ▯געבן אָ'ע יאָרן = שלאָגן, ברעכן די
ביינער.
אָנגערירט — אדי, פּאַר אָנרירן ←. אָ'ע
האַנט. אָ'ע זאַך. אָ'ע פֿיגור ביַים שפּילן שאָך.
דאָס ניט אָ'ע עסן. אָ'ער גליִענדיקער אײַזן. אָ'ע
-
פֿראַגע. אָ'ער שוואַכער פּונקט. *זײַן, ווערן אָ,=
אַ ביסל משוגע. *טייל בחורים זײַנען אָ, =
פֿארכאפּט פֿון מאָדערנע אידייען, האַלב

אַפּי

▯ ▯

קורסיש. *אַן אָ'ע פֿרי — אַ ביסל צוגעפּוילטע.
אַן אָ, איי = אַ ביסל קאַליע. אָ, פֿלייש פֿיש=

*
,
אַ ביסל מכולה. אָ'ע פּיס, הענט אע —
פֿאַר —
פֿרוירענע אָדער פֿאַרוואונדיקטע צי פֿשוט
קראַנקע. „איין טייג, ווען ער שוין ווייך אַן
גרירט איז — דז מן אים באַקט... — דא
מוז מן חלה דער פֿון נעמן“, ר, שלמה זלמן
לונדן, קהלת שלמה, אַמשט תק"ד. „דײַן

טאָכ1476

טער האָט ניט געזינדיקט, אָבער אַ ביסל אָ, איז
זי דאָך“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „צי ערגעץ
אירט זי נאָך, די קראַפֿט נאָך ניט קיין אָ'ע“,
פּמ, מלחמה I. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגערעגט — אַדי, פּאָר אָנרעגן ←. אַן אָ,
האַרץ. אָ'ע עפֿעס צו טאָן. “אַן אָ'ע שטים איז
זיך פֿאַרגאַנגען קראַנק און צאַרט“, חג. ־קייט.
אָנגערעגנט — אַדי, פּאַר אָנרעגענען ←.
אָ'ע לוזשע. דאָס פֿול־אָ'ע טײַכל. „אַ שפּראַך
איז אַ לעבעדיקע זאַך... זי איז אַ געפֿעס וואָס
פֿאַרלירט ניט קיין טראָפּן, ווי אַ ברונעם וואָס
לאָזט ניט דורך קיין אָ, וואַסער“, שנ, לעזער,
דיכטער, קריטיקער II. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגערעדט — אַדי, פּאַר אָנרעדן (זיך) ←.
אַרומגיין מיט אָ'ע אויערן. אַן אָ'ער צו טאָן
עפּעס, צום גוטן צי צום בייזן. אָ'ע רכילותן.
„ביסלעכווײַז איז ער אָ, צו דעם יצר־הרע“,
די גן עדן בחוריס, וואַרשע 1885. ־ערהייט.
־קייט — „מע האָט פֿון דאָרטן קיינמאָל ניט
געקענט אויסלופֿטערן די אָ'“, פּמ, דור־אויס,
דור־א ן.
אָנגערעכט — אדי, פּאַר אָנרעכטן ←. דזוו
אָנגעריכט. „אַלע גוטע זאַכן זענען פֿאַר דיר
געסדרט ווי אַן אָ'ער טיש“, ר, משה בר, נתן
נטע, איבז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833.
־ערהייט.
אָנגערעכנט — אַדי, פּאָר אָנרעכענען ←.
אָ'ע סומע. דאָס אָ'ע געלט. אָ'ע הוצאָות ־
ער.
הייט. ־קייט.
אָנגעשאָבן — אַדי, פּאָר אָנשאָבן ←. אָ'ענע
מערן, עפּל. „אָ'ענע מעשקע פֿון אַ שוואַרצן
רעטעך“, יע)ראָל רוחמובסקי, זכרונות פֿון מײַן
לעבן, פֿאַריז 1930. ־ערהייט.
אָנגעשאָטן — אַדי, פּאָר אָנשיטן ←. אָ,
זאַמד. אָ'ענער שניי. אָ'ענע קערנער. רײַך ווי
אָ, (מיט גאָלד). אַ בוים אָ, מיט פּירות. “ווען

איר גיט אונדז די גאַנצע שטוב מיט געלט אָ',
ווען מיר איַך דאָס קינד ניט פֿאַרקויפֿן",
יהודא חאַזאַנאָוויטש, קורץ און שאַרף,
קעשענעוו 1888. „ערגעץ פֿון עק וועלט האָט זיך
געצויגן... אַ וויסלעכער, הויך־אָ'ענער וועג",
ל. שאַפּיראָ, נאָוועלן. "איין גרויסער בית־עולם
מיט אַש אָ„ דער אַש איז אויף אַלע די וועגן
צעשפּרייט", סעג, איצטער. ־ערהייט. ־קייט
— "די טיר האָט זיך ניט געלאָזט [
עפֿענען]..., מחמת דער פּיל אָ, וואָס פֿון יענער
-

זיַיט", נס, די משפּחה מאשבער II.
אָנגעשאַכערט — אדי, פּאָר אָנשאַכערן ←.
א'ע גניבות, אָ'ע מציאות ־ערהייט ־קייט.

. .

-

אָנגעשאַסט — אַדי, פּאַר אָנשאַפֿן ←. פּפֿ:

~געשאַפֿן. אָ'ער פֿאַרמעגן. אָ'ענע
בעלהבתּישקייט. „עופֿות אָן אַ צאָל, אָ'ע צו דער

חתונה“, מעע)ה של ירושלמי, אָרט? יאַר?
־(ענ)ערהייט. —שאַפֿנקייט.
אָנגעשאַרט — אדי, פֿאַר אָנשאַרן ←. אָ,
מיסט. דאָס אָ'ע אַש. אָ'ע קוילן. אָ, געלט.
,,אָנגעוואָרפֿן, אָ, זײַנען ביינער דאָרט געלעגן,,,
אַר, 'אין טאָל'. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעשווינדלט

אָנגעשאָרן — אַדי, פֿאַר אָנשערן ←. פֿפֿ:
,געשוירן. אָ'ענע שטיקלעך פּאַפּיר. אָ'ענע
מוסטערן סחורה. אָ'ענע וואָל. ־ערהייט.

אָנגעשאַרפֿט — אַדי, פֿאַר אָנשאַרפֿן ←.
אָ'ע באַציאונגען. ,,אפֿשר נאָך קענען פֿון
מלאךהמות דעם שווערד אַרויסקריגן, בעפֿאָר ער איז
אָ, אויף די העלדזער צו ליגן,,, אד“ם, דער
שפּיעגעל פֿאַר אללע, וואַרשע 1893. ,,די האַק
איז אָ'. וואָס טויג דער האַק איר שאַרף?,,, מלה,
די גאָלדענע פּאַווע. “די אויגן ווי אַ פֿאָר אָ'ע
שפּיזן,,, יהואָש, 'שרעקן,. ,,איז דעם ייִדנס

אויג אָ, אויף נײַע האָריזאָנטן", ח. אַ ע, טאָג,
י

27 IX 1958. "דורות אונדזערע געשפּאַנט קעגן
אָ'ער שווערד", אפּא ־ערהייט ־קייט.

. .

אָנגעשוואומען — אַדי, פּאַר אָנשווימען ←.
אָ'ע קלעצער. אָ'ע שיפֿן אין פּאָרט. אָ'ער
ספּאָרטלער. "אָרעמעלײַט, אָ'ע פֿון דער
גאַנצער וועלט", ג. ח. לעוונער, דער סאַמאָוואַר,
ווילנע 1900. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשוואָלן — אַדי, פּאַר אָנשוועלן ←.
אָפֿט מיט ז ײַ ן & וו ע ר ן , ווי צגוו. אויגן,
אָ, פֿון וויינען. בלויע, אָ'ענע אָדערן. רויטע
אָ'ענע הענט. אַ מענטש מיט אַן אָ, פּנים. אַ
טײַכל אָ, פֿון רעגן. פּאַפּקעס אָ'ענע מיט
דאָקומענטן. אָ'ענער טײַסטער. אָ, פֿון
שוואוילטאָג. קללה: אָ, און אָנגעדראָלן זאָלסטו ווערן.
"דער בויך איז (שוין) אָ, פֿון חובֿות" פֿוול.

,

"ער הייסט אים אײַנרײַבן מיט ווײַן די אָ'ענע
גלידער", ראָבינזאָהן קרוזאָע, וואַרשע 1874.
„יענער קוים וואָס ער לעבט און דו ביסט אָ,
[— פֿעט]", א. מ. שאַרקאַנסקי, אַ שפּיטצעל

-

פֿון אַ פּורים־שפּילער, נ,,י 1899. ,,די מזוזות בײַ יעדן הויז ווערן אָ, פֿון טויטע קושן‘‘, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924.
,,הימל, מיט נעפּל אָ'ענער, איז אָנגעצונדן איבער מויערן‘‘, אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928. ,,ער האָט געפֿאָרסקעט מיט די אָ'ענע ליפּן,,, מענדל מאַן, אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף ־ערהייט ־קייט — ,,די אָ,
I
.
לויפּט שוין אײַן‘‘.

אָנגעשוואָרן — אַדי, פּאַר אָנשווערן ←. פּפֿ:
,געשוואוירן. אָ'ענע הבֿטחות. אָ'ענע קללות. —ערהייט.

אָנגעשווילן — אוטוו ־שוויל אָן, ,געשווילט.
.
דזוו אָנשוועלן ←. האָלץ אין נעץ געשווילט אָן. ‘‘די קעמערלעך [פֿון מעבל־געהילץ] געשווילן אָן, ווערן בּרייטער, גרעבער אָדער, ווי מע זאָגט, זיי בּראַקנען אָן‘‘, בּער.

אָנגעשווילען — דאָס, ־ן, ־ער. דאָס וואָס איז אָנגעשוואָלן. געשוויר. אַן אָ, אויף אַ האַנט, אונטער דער לינקער פּאַכווע אע.

אָנגעשווימעכץ — דאָס, ־ן, ־ער. דאָס
וואָס איז אָנגעשוואומען. אַן אָ, פֿון צווײַגן,
ברעטער אע.
אָנגעשווינדלט — אַדי, פּאַר אָנשווינדלען ←.
אַן אָ, פֿאַרמעגן. די אָ'ע וועלט ־ערהייט.
—
.
־קייט.

אָנגעשוויצט

אָנגעשוויצט — אַדי, פּאַר אָנשוויצן ←. אָ'ע
לײַבער. אויסווישן די אָ'ע גלעזלעך פֿון
פּענסנע,. קנייטשן דעם אָ ן שטערן. ווישן די אָ'ע
שויבן. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשוועבט — אַדי, פּאַר אָנשוועבן ←.
עפֿענען טיר און פֿענצטער סאַר די אָ'ע טויבן.
-

אַוועקיאָגן די אָ'ע געדאַנקען ־ערהייט.

־קייט.
אָנגעשוימט — אַדי, פּאַר אָנשוימען ←.
אויך: ~געשוימיקט. אָ, זייפֿוואַסער.
אָ'ער ים־ברעג. ,,אַקטיאָרן וואָס האָבן שעלמיש

געוואונקען צום אָ'ן שפּילנדיקן ביר“, שע, בלאָנדזענדע שטערן I. „די גאַנצע העמד איז אים געלעגן אָ, פֿאַרן האַלדז“, פּמ, דאָר־אויס, דאָר־א□־ן, כאַרקאָוו 1929. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעשוירן — פּפֿ: צו אָנגעשאָרן ←.

אָנגעש□. □דיקט — אַדי, פּאַר אָנשולדיקן (זיך) ←. אָ'ע גמילות־חסדים. אַנטלויפֿן אַן אָ'ער. —ערהייט. ־קייט.

אָנגעשטאָכן — אַדי, פּאַר אָנשטעכן (זיך) ←. אינזעקטן, אָ'ענע אויף בויגנס פּאַפּיר. אָ'ענע פֿינגער. אַן אָ, ה אַ ר ץ = אַ צעוויייטיקט האַרץ.

.

„זיי שטעכן זיך אויס דעם לייַב מיט אַ גראָבער שפּילקע,... דערנאָך שיטן זיי דערויף אַ געפֿאַרבטן פּולווער... בלייַבט דער פֿולווער... אין די אָ'ענע ערטער אײַנגעגעסן אויף אייביק,„, אמד, דיא אַנטלאָפֿענע טאָכטער, ווילנע 1865. „די חבֿרה האָבן געשליפֿענע צינגלעך, אָ'ענע מיט נאָדלען“, ג. ח. לעוונער, אַ חתן אָן אַ באָרד, ווילנע 1901. „אַ פֿײַנער העברעער, אַן אָ'ענער פֿון די ערשטע השׂכּלה־ספֿרים“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער II. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעשטאָלט — אַדי, פּאַר אָנשטאָלן (זיך)

←.   ,,ער איז אָ', פֿעסט בײַ זיך, ניט
נאָכצוגעבן‟. בלײַבן אָ, נאָך די ביטערע נסיונות.
,,אַזוי אָ, זענען נאָך זײַנע אָרעמס און פֿיס
קיינמאָל ניט געווען‟, ב. טייטלבוים, אויפֿן
שוועל, וואַרשע 1933. ,,אויף איר פּנים אַן
ערנסטקייט, זי איז ווי אָ'‟, ש. ברעגמאַן, אַפֿן
מיזראַכ איז אומרואיק, מאָסקווע 1934. ,,די
גלידער ווידער אָ'‟, ב. לאַפּין, דער פֿולער קרוג.
,,גיבורים, אָ'ע מיט עקשנות‟, יג, איק, 1955.
,,געשטאַלטן... אָ'ע, באַפּאַנצערטע,
באַקיווערטע‟, א. טאבאַטשניק, דיכטער און דיכטונג.
־קייט.   בײַ שע — ~געשטאָלן. ,,דער
גאַנצער עולם איז געווען אַזוי אָ'לן‟,
מנחסמענדל; ,,אַוועק צו די בראָדסקיס אַן
אָנגעלאָדענער, אַן אָ'ענער, געהאַט אַזוי פֿיל צו זאָגן‟,
פֿון כתרילעווקע.
אָנגעשטאַמלט — אַדי, פּאַר אָנשטאַמלען ←.
אָ'ע רייד.   ־ערהייט.   ־קייט.
אָנגעשטאַנען — אַדי, פּאַר אָנשטיין ←.
אָ'ער כּבֿוד. די אָ'ע שׂונאים. אָ'ע שלעק. די
נײַאָ'ע תּקופֿה. ,,די אָ'ע אומרו האָט אין אים...
געברויזט‟, ב. דעמבלין, פֿאָר, 3 IX 1965.
־קייט.

אָנגעשטאָפּ — דער, ־ן. נעאָל. דזוו
אָנגעשטאָפּטקייט. „אין שײַערס פֿון שפּע צעשפּאַרן
די ווענט זיך און שטרויענע דעכער פֿון אָ,
פלאַצן„, פּמ, די קופּע, וואַרשע 1921.
אָנגעשטאָפּט — אַדי, פּאַר אָנשטאָפּן (זיך)
←. אָ, מיט געלט, מיט גאָלד, מיט עשירות.
אַן אָ'ער גבֿיר, עושר, בעל־הבית. אַן אָ'ער
מיט כל־טובֿ. אָ, ווי קורח. אָ, מיט געלט ווי
אַ גוי. די פֿאַרגלײַכגראַדן בײַ שע: רײַך —
רײַכער — אָ,. אַן אָ'ער בויך. אָ'ע ו◌אָליע. אָ'ער
אינדיק. טאָרבעס אָ'ע מיט ◌חיה. אַ בויד, אָ,
מיט פֿאַרשוינען. אַ קאָפּ, אָ, מיט תּורה, מיט
וויסן, מיט חכמה אע אַ קאָפּ אָ, מיט שטרוי,
מיט מעקענע, קליאָטשע אע אַן אָ'ער שײַער.
אָ'ע פּופּע, סטראַשידלע. אָ'ע פֿעלן פֿון אַלערליי
חיות. אַן אָ'ער פּאָרטפֿעל. אָ'ע ליולקע. אַן אָ'ע
קישקע. *אָ, מיט יאָרן ווי אַ קול(י)ע (מיט) שטרוי.
„וואָלט די וועלט געווען מיט סאַמע קלוגע
יונגען אָ', העטן זיי כלעבן אַלע פֿאַר הונגער
געשטאָרבן„, עט, סערקעלע. “אַ בעל־דרשער,
אַ פּוקד עקרות... זײַן דרשה איז אָ, מיט
קבלה“, ייִפֿאָל, 39 1887, No. „אַ קאַטאָוועס

עפּעס אַזוינע קעפּ, אַזוינע אָ'ע לומדים“, ממוס,
קליאַטשע. „אין שטיבּל איז הייס, אָ, מיט
חסידים. עס איז שבּת צו מוסף“, אַש, תּהילים־ייִד
„דער וואַלד... מיט אַ פֿײַכטן, מוראדיקן

שלונג, וואָס איז געווען אָ, מיט □אַראַיאָריקע
בּלעטער“, מק, מאָנטיק. ‟די בּיכערשאַנקען
אָ, מיט חכמה רוען“, חג, דער מענטש פֿון
פֿײַער ־ערהייט ־קייט.

I
.

אָנגעשטאַפּלט — אַדי, פּאַר אָנשטאַפּלען ←.
אָ'ע קלעצער. בּיכער, אָ'ע איינער אויפֿן
אַנדערן. ־קייט.

אָנגעשטאָרבּן — אַרכ. □e□]□□s־Mhd: an.
איבּערגעגאַנגען בּירושה. „דו הושׂט לנג אום
דרוזיינה גיוואָרבּן, איך וויל זי דיר געבּן, זי
איז דיך אַן גישטורבּן“, בּבא־בּוך, 293.

אָנגעשטודירט — אַדי, פּאַר אָנשטודירן ←.
אָ'ע ויסנשאַפֿטן. אָ'ער פּרא־אָדם. ־ערהייט.
־קייט.

אָנגעשטויבּט — אַדי, פּאַר אָנשטויבּן ←.
אויפֿן אָ'ן וועג. אָ'ע ספֿרים. „עס הייבּט זיך
אָן אַ הוסטעניש — בּיז צום אויסשפּײַען די
אָ'ע לונגען“, בּרוך גלאַזמאַן, שטיינוועבּס,
מאָסקווע 1925. ־קייט.

אָנגעשטויגן — אַדי, פּאַר אָנשטײַגן ←. אָ,
וואַסער. "בּיידע זײַנען דול אָדער שיכּור פֿון
אָ'ענער פֿרייד", בּ. רעסלער, טמז, 27 1962 I.
־קייט.
אָנגעשטויסן — אַדי, פּאַר אָנשטויסן (זיך)
←. אָ'ענער פֿעפֿער. אָ'ענע מצה־מעל. אָ'ענע
גלעזלעך. אַוועקגיין אַ בּרוֹגזער, אַן אָ'ענער.
אָ'ענע זײַטן. "דער בּית־המדרש איז פֿול אָ, אַז
עס איז ניטאָ וואו אַ שפּילקע דורכוואַרפֿן,,,
אמ"ש איבּז, בּראַנדשטעטער, דיא פֿערליבּטע
רבּצין, ווילנע תּרמ"ט. "די אָ'ענע ווײַבּער האָ ן
אויסגעקלערט כּל הנײַעס און איבּערגעגעבּן
שבּת אין שול", י. בּודזאָהן, דער מקח טעות,

אָנ געשטעלט

ווילנע 1890. "מיר קוקן אַרײַן אין איינעם פֿון
די וואַגאָנעס. ער איז פֿיל אָ, מיט סאָלדאַטן,,,
שע, ,די ערשטע נאַכט פּסח'. ,,איז ער געווען
אָ, אויף איר... דערפֿאַר וואָס זי האָט אים
געשטערט אין דער שטילער ליבּע", ייִז,
דערציילונגען. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשטונקען — אַדי, פּאַר אָנשטינקען ←.
אין אַן אָ'ער לאַבּאָראַטאָריע. ־ערהייט.

־קייט.

אָנגעשטופּ — דער, ־ן. מצבֿ פֿון זײַן אָנגעשטופּט. אָנגעשטופּטקייט. אָנשטופּעניש. „אַזאַ אָ, האָט אפֿשר געהערשט בלויז אין די פֿראַכטוואַגאָנען וואָס האָבן געפֿירט ייִדן צו ד גאַזי קאַמערן“, באַש פּאָר, 1 1966 I.

,

אָנגעשטופּט — אַדי, פּאַר אָנשטופּן (זיך) ←.
אָ'ער זאַק. אין אַן אָ, חדרל. אָ'ע ליולקע.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעשטורכעט — אַדי, פּאַר אָנשטורכען ←.
אָ'ע זײַטן. אָנגעקניפּענע און אָ'ע. ־ערהייט.

אָנגעשטורעמט — אַדי, פּאַר אָנשטורעמען
.. אָ'ע פֿעסטונג. אָ'ער ים. אָ'ע שׂונאים.
־ערהייט. ־קייט.

אָנגעשטיוולט — אַדי, פּאַר אָנשטיוולען ←.
אָ'ע סאָלדאַטן. „זײַנע געזונטע אָ'ע פֿיס האָט מען... געזען שפּרינגען„, א. קאַהאַן, אינזשענערן, קיִעוו 1932.

אָנגעשטייסט — אַדי, פֿאַר אָנשטײַפֿן (זיך)
--

→. אָ'ער שטריק. אָ, העמד. אָ'ע מאַנישקע. אָ'ע באַציאונגען. שטיין אָ־שטיל. אַן אָ, פּנים. ,,דער גוף איז גרינג, נישט אָ, מיט קראַכמאַלעטער וועש", נאַד, טינט און פֿעדער. ,,האָט ער מער נישט באַדאַרפֿט שטיין אַן אָ'ער מיט דעם אַרויפֿגעצויגענעם שטאָלץ", ב. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער. ,,אַזוי פֿיל פֿינצטערע סבֿלנות אינעם אָ'ן רוקן פֿון דעם האָרעפּאַשנעם פֿערד", הר, מײַן ליכטיקע נסיעה. ,,די האַנט איז אָ', אַ סטרונע פֿון אַ בויגן,,, אפֿא, גילדענע שקיעה. ,,אַן אָנגעלויף, אַ שטופֿעניש פֿון אָ'ע מונדירן", ב. האַגער, איק, ר,,ה תשכ,,ז. ־ ערהייט. —קייט.

אָנגעשטימט — אַדי, פֿאַר אָנשטימען (זיך)

→. אַן אָ'ע כלי פֿידל, פּ אַנע. אָ'ע צו געבן

י
,

נדבֿות. "די הערצער זײַנען תּמיד אָ'ע ווי בײַם פֿאַסטן אין יום־כּיפּורדיקע קיטלען", חג, דער מענטש פֿון פֿ .ער. "זיי זײַנען שוין אָ, צו די מעגלעכקייטן פֿון קאָמפּראָמיס,,, לע, טאָג, 6 1965 I. "א פֿילאָזאָפֿיש־אָ'ער מענטש, עטי—...

שער מענטש“, אפֿא, טמז, 9 1968 XII ־
ער.
הייט. ־קייט.
אָנגעשטיפֿט — אַדי, פּאַר אָנשטיפֿן (זיך) ←.
אָ'ע קינדער. אָ'ע יאָרן. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשטיצט — אַדי, פּאַר אָנשטיצן ←.
אויפֿן אָ'ן לייטער. „ער האָט געהאַלטן דעכ.
קאָפּ אָ, אָן האַנט„, ע בּ. [עוזר בּלאָשטיין],
דער בּאַנקראָט, ווילנע 1893. ־ערהייט.
־קייט.
אָנגעשטעלט — אַדי, פּאַר אָנשטעלן (זיך)
←. אָ'ע זאַכן אין פֿענצטער. אָ'ע טאַץ. אָ'ער

אָנגעשטעלטער

מיטאָג. אָ'ע פֿידל. אָ'ער ראַדיאָ. אָ'ער זייגער.
אָ'ער רעוואָלווער קעגן זײַן בּרוסט. הערן מיט
אָ'ע אויערן. אָ'ער בּליק. מיט אַן אָ, פֿנימל.
אַן אָ'ע מאַכערײַקע. זײַן אָ, קעגן (אויף)
עמעצן = זײַן בּייז, קוקן קרום אויף עמעצן.
“דשׂ זײַ איין אָהן גישטעלטי זאַך מעצות
רעות“, 'כּ„י ווענן מעצער עלילת־דם', 1669
[ש ▯ III]. „ער האָט גווישׂט [= געוואוסט] דשׂ
עשׂ אַן גישטעלט איז גוועזן פֿון זײַן הערין“,

שאַר, אמשט 1743. "גרויס און גראָבֿ ווי
שטאַנגען, אָ, אין זאַמד די יום־כּיפּור־ליכט", עט,
לידער. "ס'איז אַן אָ'ע כּלי [דער זייגער]", אר,
'מאַי קאָ משמע־לן'. "אַן אינערלעך אויער איז
אָ, אויף אַ קול פֿון העכערע וועלטן", הלל
זײַדמאַן, טמז, 5 1964 I. —ערהייט. —קייט.
אָנגעשטעלטע(ר) — סובֿ, בייגט זיך וו אַן
י

אדי. משרת אין אַ געשע▯ט. ווער עס אַרבֿעט
אין אַן אַנדערנס געשעפֿט, אונטערנעמונג און
האָט דערפֿון זײַן פּרנסה. ווער עט אַרבֿעט אין
אַ קאַנטאָר, ביוראָ. ה אַ נ ד ל ס־אָ'(ר). בּ אַ נ ק ־
אָ'(ר). מ ל ו כ ה אָ'(ר). שטרײַק פֿון אָ'.

איבֿערשולן אָ'. "בײַ די אָ, איז אַ גאַנץ יאָר פּורים",
▯וול [זיי קריגן, זיי נעמען 'שלח־מנות', אין
יד אַרײַן]. "ער האָט ניט קיין אייגענע וואָס
זאָלן אים העלפֿן, מוז ער נעמען אָ, צו זיך
אין קרעמל". "די ווײַס־קאָלנערדיקע און
אָנקאָלנערדיקע אַרמיי לוינאַרבֿעטער [איז]
אײַנגעטיילט אין דרײַ קאַטעגאָריעס: אָ', יונגעלײַט
און יונגען אָדער מענטשן. פּראָקורענטן,

פֿאַרוואַלטערס, הויפּט־בוכהאַלטאָרן, גרויסע וואָ
אַי
זשאָרן, אַלטע געניטע פֿאַרקויפֿערס — דאָס
זײַנען אָ'... אָ, פֿאַרנעמען פּ אָ ס ט נ ס ,
יונגעלײַט זײַנען אויף ש ט ע ל ע ס און מענטשן
ד י נ ע ן „ , ז. ווענדראָף, אפֿן שוועל פֿון לעבן,
מאָסקווע 1941.
אָנגעשטעקט — אדי, פּאָר אָנשטעקן (זיך)
←. אָ'ע שפּילקעס. אַ ברוסט, אָ, מיט
מעדאַלן. אָ, מיט אַ ווירוס. אָ, מיט דער מיאוסער
קרענק. אָ, מיט אַפּיקורסות. אָ, ווערן פֿון דעם
בוך וואָס מע לייענט. „איך בין קראַנק! אַ ירושה
פֿון מײַנע עלטערן איז אָ, אין מיר“, משה
ווײַנבערג, די חרטה, באַרדיטשעוו 1898. „
ראָשהשנה גייט ער אַרויף אויפֿן באַלעמער און דער
נאַנצער גאַרטל איז בײַ אים אָ, מיט שופֿרות“,
זש קיסר און רבי II. „האָט מען אויסגעווײַכט
יענע לײַט וואָס זענען געווען אָ, פֿון דער
השׂכלה“, ממוס, ווינטשפּ II. ־ערהייט.
־קייט — אָ, מיט אַ קלעפּיקער קרענק.
אָנגעשטראָכן — אדי, פּאָר אָנשטרײַכן ←.
אָ'ענע פּאַפּירן. אָ'ענער פּלאַן —ערהייט.
.
אָנגעשטראַלט — אַדי, פּאָר אָנשטראַלן ←.

רוקן, אָ, מיט אַ וויאָלעט־לאָמפּ. מיט אָ'ער
וואַרעמקייט. ״אַ וואונטש צו... טראָגן דיך אויף
זומערדיקע טרעפּ פֿאַרבײַ די אָ'ע ווענט״, יוסף
ראָלניק, גש. ־קייט.

אָנגעשטראָמט — אדי, פּאָר אָנשטראָמען
←. אָ'ע וואַסערן. אָ'ער המון. אָ'ע
אָנקלאַגעס. —קייט.

1473

אָנגעשטראָסט — אַדי, פּאָר אָנשטראָפֿן ←.
אָ'ע קינדער. —ערהייט.

אָנגעשטרודלט — אדי, פּאָר אָנשטרודלען'.

,

אָנגעפּוצט. אָנגעפֿאַרבן. „אַ קאַוואַלעריסט...
פֿאַרטשעפּעט אַן עלנבויגן פֿון אַן אָ'ער זונה“,
ש בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I,
אַדעס 1931.

אָנגעשטרייסט — אדי, פּאָר אָנשטריי ן ←.
אָ, העמד. "צו ווירמשׂ גיט ער [דער חתן] אונטר דיא חופּה אַז איין אָבֿל... אַן גישטרייפּט",
טפֿר המנהגיט, אמשט 1723, יז/ב.
אָנגעשטריקט — אדי, פּאָר אָנשטריקן ←.
אָ'ער סוועדער. „אַ זקנה מיט אַ האַלבֿ אָ'ן
-
זאָק" ע)מחה סנה, נע ונד -ערהייט.
,
-קייט.
אָנגעשטרענגט — אדי, פּאָר אָנשטרענגען
(זיך) ... אָ'ע אַרבֿעט. קוקן אָ'. אַן אָ'ער ציטער גייט דורך אַלע אבֿרים. מיט אַן אָ, פּנים. אָ'ע באַציאונגען = ניט קיין גוטע, וואָס האַלטן בײַם (קענען) איבֿערגעריסן ווערן. אַן אָ'ער און שאַרפֿער אַנאַליז. "זײַן אָ'ער אָטעם איז צוריק אַראָפּגעפּאַלן", ווײַס I, 'דאָס לעבן'.
"ער האָט געפֿילט איר אָ'ן בליק אויף זיך",

נאָמ, 'דאָס רבישע אײניקל'. „גויִים האָבן געקנײטשט לאַנג און אָ, זײערע שטערנס", רחל קאָרן, ערד. —ערהײט — שוויַגן אָ'.
־קײט — "מיט אַן עקשנותדיקער אָ'", וויספּע, קאָוונע 1923, העפֿט ג.
אָנגעשטשורעט — אַדי, פּאָר אָנשטשורען'.

,

טל. (וועגן אויגן) וואָס איז אָנגעשטרענגט און צום טייל פֿאַרמאַכט, פֿאַרקנייטשט. קוקן אויף עמעצן מיט אָ'ע אויגן. ־קײט —
"[די אויגן] האָבן געשטאָכן מיט דער שאַרפֿער אָ'", גאָדינער איבז, גלאַדקאָוו, צעמענט, מאָסקווע 1927.
אָנגעשטשערבעט — אדי, פּאַר אָנשטשערבען ←. „איז דאָס געווען אַן אָ, טעפּל", שע, ,דאָס טעפּל'.
אָנגעשיט — אַדי, פּאָר אָנשיטן ←. פּד. לד, ליטרש. י.„געשאָטן. "אַ געלעכערטע מולטער וואָס זי איז אָ, מיט ערד און מע האָט דרינען געזייט...", תקוני שבת, אוסטרהא 1818.
„אויף דער ערד איז געלעגן אָ, שטרוי,„ פּרץ, 'וואָס הייסט נשמה,. „אַ דעק מיט קישנס, אָ, מיט פֿעדערן, וועלכע זי האָט אויסגעפּליקט מיט

אירע אייגענע הענט“, ה ל. זשיטניצקי, דעם
זיודנס הײַזל.

אָנגעשיט — דער, ־ן. דאָס וואָס איז
אָנגעשיט, אַנגעשאָטן. „וועט נעמען שאָרכען
אונטער זײַנע טריט דער אָ, פֿון בלעטער“, י
פּערלאָוו, פֿאָר, 22 I 1963.

אָנגעשיילט — אדי, פּאָר אָנשיילן ←. אָ'ע
עפּל, קאַרטאָפֿל אע ־ערהייט.

אָנגעשיין — דער, ־ען. דאָס וואָס איז

אָנגע

-

שײַנט. דאָס וואָס שײַנט אָן. דער אָ, פֿון אַ
זוניקן נאָכמיטאָג. אַן אָ, פֿון ליכטיקע פֿנימלעך.

אָנגעשלאָסן

אָנגעשיינט — אַדי, אַר אָנשײַנען (זיך) ←.

--

א'ע פֿרייד. אָ'ע האָפֿענונג —ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעשייערט — אַדי, פּאָר אָנשײַערן ←. אָ'ע
-
כּלים. אָ'ע פּאָדלאָגע. -ערהייט. -קייט.
אָנגעשיכּורט — אַדי, פּאָר אָנשיכּורן (זיך)
.. אָ'ע באַטראַקעס. אָ'ע פֿון זון און ים.
"אָ, פֿון צרות, אויסגעניכטערט פֿון טרערן",
פֿוול. "גראָז און בלומען שפּראָצן לוסטיק, אָ,
פֿון זײַן טראַנק", יהואָש, 'מײַ אין גלות'. „אַן
אָ'ע מיטן חורבן און מיט בראָך..."; פּמ,
מלחמה II. -ערהייט. -קייט.
אָנגעשימלט — אדי, פּאָר אָנשימלען ←. אָ,
ברויט. פֿאַרעלטערטע, אָ'ע אידייען -
ער.
הייט. -קייט.
אָנגעשיסן — אדי, פּאָר אָנשײַסן . פּפּ.
~געשײַסט. אָ'ענע הויזן. -ערהייט.
אָנגעשיק — דער, -ן. דאָס אָנשיקן אַ צאָל.
אַן אָ, פֿון שטאַפּעטן. דער אָ, פֿון מתּנות.
אָנגעשיקט — אדי, פּאָר אָנשיקן ←. אָ'ע
באַגריסונגען. אָ'ע הילף. אָ'ער פֿאַרטרעטער.
אַן אָ'ע זאַך = בכּיוון אָנגעשטעלט,
אונטער
געשטעלט. „אַן עיפּוש איז ניט קיין טויט

עלפּי הטבֿע, עס איז אַן אָ'ע זאַך,, [ווי אַ שטראָף
פֿון הימל], הרבֿ י. געלבֿארט, ספֿר מעע)ה אָבֿות,
ווילנע 1880. ‘‘דאָס איז אַן אָ'ע קרענק‘‘, עט,
'דער פֿעטער פֿון אַמעריקע, ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעשלאָגן — אדי, פּאָר אָנשלאָגן (זיך) →.
אָ'ענע קינדער. אַן אָ'ענע מזוזה. אַן אָ'ענער
שידוך. אָ'ענער בּאָרשט. אַן אָ'ענער מיט גאָלד
(געלט) — אויך: ער איז אָ'. אַן אָ'ענער גבֿיר.
ער איז אָ, מיט תּורה (וויסן, חכמה אע). ,,וואו
די סרכות האַרט אַן דער ריפֿן אַן גישלאגן איז
דאז מן ניט וואול דער צו קומן — זאָל מן
גאַר ניט רײַבֿן‘‘, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא,
פֿפֿדמ, תּמ‘‘ה? ‘‘אויף אַלע פֿיר רעדער און
אויפֿן זאַדאָק איז געווען אָ, מיט אָפּגעריסענע
מיידלעך און ייִנגלעך,,, ייִל, קמ, 43 1867, No.
,,שבּת־צונאַכט איז בּײַ רחל אין זאַל געווען אָ,
פֿיל מענטשן‘‘, ר, אָבֿ‘‘א מווילנא, דער
פּוימאניק, זשיטאָמיר 1874. ,,גייען נאָך צוויי
יענעראַלן מיט אָ'ענע בּיקסן‘‘, מחה בּרייטמאַן,
דיא געשיכטע פֿון א לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע
1882. ‘‘אין דער זײַט פֿון תּיבה־טויער, בּײַ דעם
לעפּל פֿונעם אויער אָ, מאָניש שטייט‘‘, פּרץ,

'מאָניש'.
אויך: טוכלע, קאַליע־געוואָרן. דער שלעכטער ריח פֿון אָ'ענעם פֿלייש. „האָט זיך באַקענט מיט אַ ייִדן וואָס קויפֿט צונויף אייער, אָ'ענע, ניט קיין פֿרישע“, שע, 'בכּבודיקע פּרנסה„.
־ערהייט — אַרויסוואַרפֿן אָ'. ־קייט — אונטערטעניקע אָ'.
אָנגעשלאָסן — אַדי, פּאָר אָנשליסן (זיך) ←.
די אָ'ענע ענערגיע. די אָ'ענע אין טאַנץ. די אָ'ענע אָן (אין) דעם פֿאַראיין. “זיא האטן מיט זיך גיבראַכט דער דוכּסים גיזינד אין איַזרן

אָנגעשלאָפּנט וערן

קעטן אַן גישלאָסן“, ווינץ. „ווען דער קו השלחן איז אָ, אָן דעם שטריק פֿון חכמה ▯—־־. וויַזט דאָס, ער וועט זיַן אַ גרויסער בעלמחלוקת“, ר, מ. א. גאלינו, חכמת היד, וואַרשע 1882. “וויפֿל מ'איז אָ, אין קדושה אַזוי ▯---.
פֿיל קאָן מען ניצן טבֿעיות“ [= אַ פֿרומער מעג געניסן פֿון עולם־הזה אין דער מאָס וואָס ער האָט אַ חלק אין קדושה], חסידישער זאָג

[ציט צײַט, טמז, 14 1966 I]. —ערהייט.
־קייט.
אָנגעשלאָפֿנט ווערן — ← אַנטשלאָפֿן
ווערן. ״אַז דער טאַטע קומט אַהיים פֿון שול, דאַרף ער באַלד קידוש צו מאַכן כּדי די קליינע קינדערלעך זאָלן נישט אָ, וו, און זאָלן קענען פֿרעגן מה־נשתּנה״, תּפֿארת מהרא״ל [אַן אָנזאָג פֿון דעם שפּאָלער זיידן].
אָנגעשלונגען — אַדי, פּאָר אָנשלינגען (זיך ← . אָ'ע פּילן. אָ'ע ידיעות ־ערהייט.
.
אָנגעשל אָכעט — אדי, פּאָר אָנשליאָכען ←.
,

אָ'ע דירה.
אָנגעשליידערט — אַדי, פּאַר אָנשלײַדערן
־
← . די אָ'ע זאַכן ־ערהייט — לאָזן אַלץ
.
אָ'. קייט.
אָנגעשלייפֿט, ־שליפֿן — אדי, פּאָר

אָנשלײַפֿן ←. אָ'ענע דימענטן. אָ, מעסער.
,,דערשראָקן פֿון דעם מלאך־המות, 'ועלכער

איז פֿול מיט אויגן און אָ'שלײַפֿטן שווערד אין
זײַן האַנט״, ר, מאיר באַרנעטט, לקוטי מע)מחי
לבֿ, לאָנדאָן תּרס״ג. ״שאַרפֿזין גלײַך אויפֿן אָרט
צו שטעכן מיטן אָ'ענעם שפּיץ פֿון געדאַנק״,
בּ ריוווקין, גרונט־טענדענצן.... קאַלטער אָ'־
שלײַפֿטער ווינט האָט מײַן געדאַנק צעשניטן״,
סוצ, יִדישע גאַס ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשלעפּט — אדי, פּאָר אָנשלעפּן ←. אָ'ע
משׂאָות. אָ'ע נדבֿות. אָ'ע טעמעס ־ערהייט.

.

—קייט.

אָנגעשמאַטעוועט — אדי, פּאַר
אָנשמאַטע,
ווען'. באַדעקט מיט שמאַטעס. „שטיוול האָבּן
זיך גענומען ציִען סון אָ'ע פֿיס״, פּמ,
דאָראויס, דאָר־אײַן, כאַרקאָוו 1929.
אָנגעשמאַכט — אדי, פּאָר אָנשמאַכטן ←.
אָ'ע, אָנגעפּײַניקטע מענטשן ־ערהייט.

.

־קייט.

אָנגעשמאָלצן — אַדי, פּאַר אָנשמעלצן ←.
אָ'ענע ליכט. אָ'ענע פּאַטעלניע. ס'איז אָ, אויפֿן
האַרצן = קאַלעמוטנע. „אין קלויז לערנט מען
טאָג און נאַכט אַזוי יל תּורה, אַז די בּענק

זײַנען טרייף פֿון אָ'ענעם חלבֿ. נאָר די הערצער
זײַנען כּשר“, חג, דער מאַמעס שבֿתּים. ־
ערהייט. ־קייט.
אָנגעשמועסט — אדי, פּאַר אָנשמועסן ←.
אַן אָ'ער ענין. „ער האָט גענומען שרײַבן
אויסווייניק אויף אָנגערעדטע און אָ'ע טעמעס“, בּ
ריוקין, גרונט־טענדענצן.. ־ערהייט.
־קייט.

1479

אָנגעשמוציקט — אַדי, פּאַר אָנשמוצ(יק)ן
←. אָ'ע חדרים. אָ'ער נאָמען ־ערהייט
▯
— איבּערלאָזן אַלץ אָ'. —קייט.
אָנגעשמידט — אַדי, פּאַר אָנשמידן ←.
אָ'ער אײַזן. אָ'ע פּאָדקעוועס. אָ'ער אַרעסטאַנט.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשמינק(עווע)ט — אַדי, פּאָר
אָנשמינקע(ווע)ן ▯. אָ, פּנים. “איר אײַנגעצויגן,
בּיינערדיק פּנימל, מיט אַ פּלאַטשיקן שטערן
וו אַ בּרעטל, איז געווען אָנגעפּודערט און
אָני

געשמינקעוועט“, פנחס גאָלדהאר, דער ▯ ציילונגען
פֿון אויסטראַליע, מעלבורן 1939.
אָנגעשמירט — אַדי, פּאָר אָנשמירן (זיך) ←.
ווײַס אָ'ע ווענט. מיט אַן אָ, פּנימל. אָ'ע ליפּן.
אָ'ע רעדער. ברויט, אָ, מיט שמאַלץ. אַן אָ'ע
המוציא. אַן אָ'ע מציאה. אַן אָ'ער אַרטיקל.
*ס'גייט ווי (אָנ)געשמירט = ווי פֿאָרויסגעזען.
„שטעלט ער אַנידער אַ פּאָר שיך וואָס זענען
אינעווייניק אָ, מיט סמאָלע“, ראשית למודים,
לבֿוב 1862. “שמעקנדיקע, געדיכט־אָ'ע
טשאָבעטעס פֿון דאָרפֿס־פּויערים“, ממוס, שלמה. “מע
טאָר ניט אַרויפֿלייגן אַ פֿלאַסטער אויף אַ מכּה,
אַפֿילו אַז זי איז געווען אָ, פֿון ערבֿ שבת“,
ר, יצחק מאלצאן איבז, זכרו תּורת משה,
וואַרשע 1898. “אַרײַנכאַפּן ערבֿ ובוקר אַ פּאָר
אָ'ע פֿעטש אויפֿן ציפּערבלאַט“, ז. מוירער, זײַ
נישט קיין ווארילער יונג I, טאַרנאָוו 1911.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשמעקט — אדי, פּאָר אָנשמעקן (זיך)
←. אָ, מיט ריחות פֿון פֿעלד. אָ, מיט
אַפּיקורסות. *זײַן אַן אָ'ער = א) איבערגענומען אַן
אידיי, אַ שטאַנדפּונקט; ב) באַהאַוונט. “מיט
וואָס דער טאָפּ איז אָ', דערמיט גיט ער זיך
נאָך“; „אין וואָס פֿאַר אַ קלייט מען איז —

מיט אים איז מען אָ'״, שוו. ״איר האָט געלערנט
אין די שקאָלעס, זענט איר אַ ביסל אָ'״, קמ,
28 l868, No. ״ווי איך זע, זענט איר אָ, אין
די קליינע אותיות און דאָס פּינטעלע ייִד איז
נאָך אין האַרצן ניט פֿאַרלאָשן,,, אמ״ש איבז,
בראַנדשטעטער, דיא פֿערליבטע רבצין, ווילנע
תּרמ״ט. ,,פּריצים האָבן דאָרט פֿאַרקערט איַין
און אויס, האָט ער שוין געמוזט זיַין אָ, אַ ביסל
וועלטלעך, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ גביר״, רעד,
גרשם באַדער, יודישער פֿאָלקסקאַלענדאר,
לעמבערג תר,,ע. ,,אַפֿילו כּלי־קודש זענען היַינט
שוין אויך אָ, מיט דער עיפּושדיקער
אַטמאָספֿערע,,, הר▯ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי,
קעשענעוו 1934. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשנאָלט — אדי, פּאָר אָנשנאָלן ←.
אָ'ער העלעם. ,,אויף אַן עלעפֿאַנט אַ הויכן אָ,
אַ חופּה־טראָן איז. דאָרטן זיצט די יונגע
מלכּה״, יהואָש, 'מלכּה ש▯א'.
אָנגעשנור(עווע)ט — אדי, פּאַר
אָנשנור(עויע)ן ▯... אָ'ער קאָרסעט. אָ'ע
אויסגעטריקנטע שוואָמען. אָ, מיַילעכל. ,,
אילוסטרירנדיקע סצענעס, אָ'עוועטע אויף אַ
צעצויגענער...

ליניע“, בּ ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער.
־ערהייט.

אָנגעשפּאַנט

אָנגעש□ניאָשקעט — אדי, פּאַר אָנשניאָשקען זיך ←. אָ'ע מחותּנים. אָ'ע פּויערים. — ערהייט.

אָנגעשניטן — אַדי, פּאַר אָנשנײַדן ←. אָ, בּרויט. אָ'ענע זאַנגען. אָ'ענע שטיקלעך פּאַפּיר. „אָ'ענע קאַוועגע טאָר מען ניט לאָזן אויף מאָרגן“, שע, מאָטל. „די מילשטיינער זײַנען ניט קיין גלאַטע. זיי זײַנען אָ'“, ע. איזרא, □ון פֿעלד צוס טיש, ק□עוו 1928. ־ערהייט.
־קייט.

אָנגעשנייט — אַדי, פּאָר אָנשנייען ←. אָ'ע רחבותן. „דער מהלך פֿון אויסגעשפּרייטן, אָ'ן סטעפּ“, אפֿא, לויטער... קוואַל. „אויף טריבּע הענגלעך פֿון ריאַכינע זיצן רונדע אָ'ע טורעמלעך מיט שפּיצן“, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 19□□.

אָנגעשניצט — אדי, פּאָר אָנשניצן ←. אָ'ער בּלײַער. אָ'ע פֿיגורן. ־ערהייט. —קייט.

אָנגעשניר(עווע)ט — אדי, פּאָר אָנשניר(
עווע)ן ←. "די לאָקן,... אָ'נירט מיט שטערן,
טראָגן זיך שײַנענדיק אין־דער־לופֿטן", ד.
איגנאטאָוו, דאָס נײַע לעבן, נ"י, יולי 1910. „אַלץ
און אַלע איז דאָ אָ'עוועט אויף איין דינסטן
פֿעדעמל", ש. גאָדינער, טאָג אַנטקעגן, מאָסקווע
1924. ־ערהייט.
אָנגעשנעזשקעט — אדי, פּאָר
אָנשנעזש,
קען'. דזוו אָנגעשניאָשקעט. "אַ פֿריילעכס,
ציידע! — איז דערווײַל אונטערגעלאָפֿן צו נאָטען
אַ בעל־עגלה, אַביסל ~געשנעזקעט", זב, ליטע,

□

ווילנע 1914.
אָנגעשען — אוטוו, דריטפערזאָניק. איצ, אימפּ
נבֿ; א י ז ~געשען. געשען אַ סך. געשען
פֿאַרשיידנס. „אַלץ וואָס אַ הײַנטצײַטיק
פֿאַרלאָפֿן יאָר קען אָנטומלען און אָ'", יג, טמז,
22 4□19 III.
אָנגעשעפּט — אַדי, פּאַר אָנשעפּן (זיך) ←.
אָ, וואַסער. אָ'ער נחת. דער אָ'ער מאַטעריאַל.
דאָס אָ'ע וויסן. „איר ברענגט אַרײַן... וואשׂ
איז אַן גישעפּט פֿון דעם רוח הטומאה, זײַט

איר מטמא מײַן ארץ״, נצ 1, לח/ב. „אָ'ע
װאַסער פּסלען די מקווה נאָר נאָך דער רעכענונג״,
זרעיס, עה/ב. ־ערהייט. ־קייט — ״
פֿולע אָ, מיט ייִדישקייט״, אפֿא, טמז, 18 1966 .IX
אָנגעשפּאָלטן — אַדי, פּאָר אָנשפּאַלטן (זיך)
←. אָ'ענע שײַטלעך האָלץ. אָ'ענע װאַזע.
אַן אָ, טירל פֿון אַלמער. נאָך ניט קיין
צעשפּאָלטענע, נאָר אַן אָ'ענע פּאַרטיי. ״לוי איז ערגעץ
אינערלעך אַ'״, נס, די משפּחה מאשבער .II
„לאָזט ער אַרויס אַזאַ משונהדיקן אָ'ענעם
קלאַנג״, בערג, אָפּגאנג „די דאָזיקע היים...
איז שוין גײַסטיק אָ'״, י. ראפּאָפּאָרט, פֿאש,
31 XII 1948. ״אַ קינסטלער... מוז ערגעץ זײַן
אָ', אַנדערש איז ער בלויז בעל־ת ילה,,, מ.
גראָטמאן, היימיש, יאַנ, l958.
אָנגעשפּאַנט — אדי, פּאָר אָנשפּאַנען ←.
אַן אָ'ע סטרונע. אָ, וו אַ סטרונע. אָ'ע
מוסקי
לען. אָ, פֿערדל. דער אויער איז אָ, צו
דערהערן יעדן קלאַנג. אַן אָ, געמיט. אָ'ע

באַציאונאָנגעשפּאַרט

גען. „אַ פֿײַל וואַרט ערגעץ אויפֿן אָ'ן בויגן,,,

יהואָש, 'אין אַ פֿינצטערער מינוט'. „וואָס
נידעריקער צו דער ערד... אַלץ אָ'ער ווערט בײַ מיר
אין האַרץ מײַן ווידערשטאַנד“, הר אַרנאַכט.
,
“זי איז געלעגן שטיל, אָבער איר גוף איז
געווען אָ, און וואַך“, פּנחס גאָלדהאַר, גש, מעלבורן
1949. „וואָס אָ'ער אונדזער ווילן צו בלײַבן
דאָס וואָס מיר זײַנען — אַלץ זיכערער דער
דערגרייך פֿון אַ דור“, ימ, צוויי רעפּעראַטן,
נ„י 1954. „ווערט זי דאַן איין שטיק אָ'ע
דערוואַרטונג“, סאָוו, היימלאַנד, 1967, No 10.
־ערהייט. —קייט.
אָנגעשפּאַרט — אַדי, פּאַר אָנשפּאַרן (זיך)
←. שטיין אָ, אָן אַ סלופּ. אַן אָ'ער אויף
קוליעס. *זײַן אָ, בײַם פּאָטערס (שווערס)
טיש = לעבן בײַם פּאָטער (שווער) [< סמוך
על שלחן]. „די שול איז געווען אָ, פֿול מיט
מענטשן“, ש. בעקערמאַן, די שלימזלניצע
אַדעס 1887. אין אַ קליין ייִדישע שטעטל וואָס
איז אָ, לעבן אַ וואַלד צוויי מײַל פֿון די גרויסע
שטאָט„, ג. י. ראַוויטש, ריב משפּחה..., ווילנע
1865. “אונטער עפּעס אַ דעכל, אָ, אויף פֿיר
קרומע, אויסגעבויגענע סלופּעס, זיצט... די
סעדעכע“, ממוס, מסעות „דער קראָקעווער רבֿ

זיצט אָ, מיטן שטרײַמל אויף דעם אָנלען פֿון שטול‟, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „דער געדאַנק אַז נאָך דעם טויט זאָגט מען יעדן נאָך שבֿחים איז אויך גאַנץ געלונגען אָ, אויף די נעמען פֿון די סדרות: אחר, מות, קדושים,

אמור, וועלבע גייען כסדר‟, יע▯ דאַוונען, וואַרשע תּרע״ח. „אַ מערקווירדיק בילד: אַ וועלט, אָ, אויף אַ בוך, אַ פֿאָלק וואָס האָט אין אים געפֿונען זײַן איינציקן עקזיסטענץ־זין‟, קאָר II. ־ערהייט. ־קייט.

אָנגעשסאָרט — אַדי, פּאַר אָנשפֿאָרן ←.

דאָס אָ'ע געלט. אַן אָ'ע קרענק. ־ערהייט.

אָנגעשפּאָרנט — אַדי, פּאַר אָנשפּאָרנען ←.

פּפֿ: ~געשפּאָרעט. אָ'ער רײַטער. אַן אָ'ער ווי אַ קאַלאַקוצקער (גאַלאַגאַנער, גאַלאַגאַנסקער) האָן. ‟[ווען] אונדזער אָנשטרענגונג וועט אָנגעלייגט זײַן, וועלן מיר זיך אָ, פֿילן צו אַרבעטן‟, צעד פֿאַר אַזאַ קינסטלער וואָס איז געווען אָ, — ▯ .

מיט האַרטנעקיקער ווילנסקראַפֿט‟, ש וויגאָדאַ, פֿאָר, 10 1963 III ־קייט.

.

אָנגעשפּונען — אַדי, פּאַר אָנשפּינען ←. פּפֿ:

□ י.,געשפינט.   אָ'ע פֿעדעם. פּויעריש אָ'ע
שטאָפֿן. אָ'ע פֿאַנטאַזיעס.
אָנגעשפּיגן — אַדי, פּאַר אָנשפּײַען ←. פּפֿ.
~געשפּײַט.   אָ'ענער (אָ'שפּײַטער) פּרצוף.
אָ'ענער דיל. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשפּיגעוועט — אַדי, פּאַר אָנשפֿיגעווען
←. פּפֿ: ~געשפּיקעוועט.   אַ בוים, אָ,
מיט עפּל. קאַרטאָפֿל און בוריקעס ליגן אין
אָ'ן קעלער. די געגנט איז אָ, מיט לעגענדעס.
,,אַ קײַלעכדיקער, געזונטער פּנים און אַ לײַב
פֿול אָ, מיט פֿעטקייט'', יי□אָל, 16 1888, No,
בײַלאַגע. ''דרשות, אָ'ע מיט מליצות און
צוגעשמאָלצענע מיט פּסוקים,,, ממוס,

שטורם()143

צײַט□ ,,אָ, דער בוים מיט ניס — אָבער גאָט,
ווי הויך ער איז!'', אשט, משלים I. ,,האָט מיך
אַרײַנגעפֿירט אין אַן אָ, קלײַזל מיט
אָגילואשׂמחדיקע... יידעלעך'', צ. ה. האָרנשטיין,
זלידניעפּקער לעבענדע פֿאָטאָגראַ□יע□
באַרדיטשעוו תרנ''א. ,,די קליינע רעדלעך [פֿון זייגער],

די פֿײַנע געדערימלעך, זענען אָ, מיט רונדע רובינדעלעך", א. מ. פֿוקס, אונטער דער בריק

אָנגעשפּייזט — אַדי, פּאַר אָנשפּײַזן ←.

--

אָ'ע געסט. אָ'ע באַפֿעלקערונג. אָ'ע מיט חזירײַען. ־ערהייט.

אָנגעשפּייט — אַדי, פּאַר אָנשפּײַען ←. פּפֿ:

-

.

~געשפּיגן (←). —ערהייט. ־קייט.

אָנגעשפּייכלערט — אַדי, פּאַר אָנשפּײַכלערן

-

←. אָ'ע פֿאַרמעגנס. "די שטאָפֿן וואָס זײַנען געווען אָ, אין וואָרצל זײַנען אַוועק אויף צו בויען דאָס שטענגל, די בלעטער און די בלומען", ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1920. „אַ סך ווערטער־זאַמלונגען ליגן אָ," , מוו, סטוטש. "די אַלטע שטייגערישע טראַדיציע וואָס איז... אָ, אין שפּראַך", א. גאָלאָמב, טאָג, 15 XI 1958. ־קייט.

אָנגעשפּילט — אַדי, פּאַר אָנשפּילן (זיך) ←.

אָ'ע מעלאָדיעס. אָ'ע קאָמעדיע. „וואַלצן אויף וועלכע עס זײַנען אויפֿגענומען (אָנגעזונגען און אָ') העכער צוויי אַ האַלב טויזנט מוזיקאַלישע פֿאָלקלאָר־שטיק", מ בערעגאָווסקי, ייִדישע

אינסטרומענטאַלע פֿאָלקסמוזיק, קיִעוו 1937.

־ערהייט. ￼קייט.

אָנגעשפּיל(י)עט — אַדי, פּאַר אָנשפּיל(י)ען

￼. אָ'ע הײַזעלעך. אָ'ע בראָשקע. אָ'ע בלומען. ־ערהייט. ־קייט. ~

געשפּילעוועט — אַדי, פּאַר אָנשפּילעווען ←. אָ'ע אינזעקטן. „אַלערהאַנט זומערפֿייגעלעך זײַנען דאָרט אָ, מיט שפּילקעס“, אמד, איין הונד אַלס שדכן, ווילנע 1870. ־ערהייט.

אָנגעשפּינט — אַדי, פּאַר אָנשפּינען ←. פּפּ: ~געשפּונען. אָ'ע וואָל. אָ'ע פֿאַבולע פֿון אַ פֿאָלקס־מעשׂה. אָ'ע אינטריגעס. „ליגט שוין דאָס שטעקעלע מיט אָ'ן פֿאָדעם צופֿוסנס פֿון דער אורשפּינערין“, י. יאַכינטאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו 1925. ־ערהייט. —קייט.

אָנגעסיצט — אַדי, פּאַר אָנשפּיצן ←.

אָ'ער בלײַער. מיט אָ'ע אויערן. זײַן נײַגעריק און אָ'. “מײַן מוח איז געווען אָ', מײַן אויער האָט נישט דורכגעלאָזט דעם מינדסטן שאָרך“,

א￼רים קאַגאַנאָווסקי, 'די מומע הדס'. “

אויסערגעוויינלעך אָ', וואַכיק,... אין פֿולן הסכם מיט זײַן געוויסן„, לע, טמז, 1963 ￼ II l3.

￼כ'האָב אויפֿגעהאַנגען, שטאָט, אויף דײַן

געפֿלעכט פֿון דראָטן מײַן אויפֿגעריסן אויג און
אָ'ן אויער“, עק „אָ, די שאַרפֿע הערנער און
אין האַרץ מיט איין בּאַגער נאָר, גייט די קו
דורך בּערג און רופֿט“, אַלף כּץ, חלום עליכס.

„דער זיפֿץ פֿ□ן וואַלד איז וואַכנדיק און האַרבֿ
און אָ, אויף שטענדיקן געראַנגל“, פּמ,
מלחמה I. —ערהייט. ־קייט.

אָנגעשריבּן

אָנגעשסיקעוועט — אַדי, פּאַר אָנשפּיקעוועַן
←. פּפּ: ~געשפּיגעוועט. צווײַגן, אָ'ע
מיט עפּל. אָ'ער מאַרככּיין. „די בּיימער —
אָנגעזעטיקט און אָ, מיט די... זונענשטראַלן“,
אי. קיפּניס, די צײַט גייט, קיִעוו 1940. “האָט
זיך אַרגונען אָנצופּאַטשקען אַ גאַנצן בויגן,

אָ, מיט שטעלן פֿון גמרא און פֿון מדרשים“,
ייִפּאָל, 24 1882, No. „... אַ זקנה, דאָס פֿולע
פּנים אָ, מיט וואָרצלען און בּראָדעווקעס“,
אָפּאַ, 'אסתּרל'. “די שפּראַך פֿון די נײַע
סאָוועטישע שרײַבער איז אַזוי אָ, מיט

פּראָווינציאַליזמען... אַז מע הערט לחלוטין אויף צו פֿאַרשטיין,,, מ. ווינער, שריפֿטן I, קיִעוו 1928.
,,דאָס קליינע בּיכעלע לידער... איז אַזוי אָ,
מיט ייִדישקייט פֿון אַלע מינים...,,, חיים
לויצקער, דער שטערנ, אַלמאַנאַך, No 2, קיִעוו
1940. [די פֿאָרעם מיט ק איז די מער
פֿאַרשפֿרייטע אין ליטרש.]
אָנגעשפּירט — אַדי, פּאַר אָנשפּירן ←. די
אָ'ע סכנה. אָ'ע ווייטיקן. ־קייט.
אָנגעשפּראָצט — אַדי, פּאַר אָנשפּראָצן ←.
אָ'ע גרינע צווײַגעלעך. אָ'ע האָפֿענונג. ־
ערהייט. —קייט.
אָנגעשפּרונגען — אַדי, פּאַר אָנשפּרינגען ←.
אָ'ע לאָשיקלעך. אָ'ע געלעגנהייט. אָ'ע זאָרג.
־קייט.
אָנגעשפּריצט — אַדי, פּאַר אָנשפּריצן (זיך)
.. אָ'ע פֿלעקן. אָ'ער פּאַרפֿום. ,,אַ שטיקל
הימל זעט זיך, אָ, געדיכט מיט שטערן‘‘, יהואָש,
'פֿון די קעטסקיל־בּערג,. ,,די פֿליגן... אויף
דער ווײַסער סטעליע ליגן ווי שוואַרצע
פֿינטלעך אָ,‘‘, בּ. לאַפּין, צייכנס. ,,די אָ'ע שיינקייט
וואָס האָט זיך געמיניעט פֿון די 'סיבּירער
לידער'‘‘, בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... ־
ערהייט. ־קייט.

אָנגעשראָקן — אַדי, פּאַר אָנשרעקן (זיך) ←.
אַן אָ'ענער עולם. קוקן מיט אָ'ענע אויגן. אין דער אָ'ענער נאַכט. "מײַן האַרץ איז פֿון וואָס אָ', אין דער פֿרעמד... איז נישט גוט", סעג, קאַפּריזן. „עט, איך זע פּאָרט גאָרניט. מיר דוכט זיך נאָר אַזוי אָפּ, איך בין אָ'„ י. ל. אַסטרינסקי, נ□.עס □ון יענער וועלט, ווילנע 1927. ־ערהייט. ־קייט.

□

אָנגעשרויסט — אַדי, פּאַר אָנשרויפֿן (זיך)
□.. אָ'ער צודעק. אָ'ע התלהבֿות. "ביידע פֿאַרטײַען מיינען עס נישט ערנסט מיט ייִדן און אַלע זענען איצט אָ, קעגן אונדז", עקיבֿא חשמל, קמ, 9 1868, No. „די בודזשעטן... זענען אַזוי אָ, אַז מע דאַרף זיי פֿאַרקלענערן„, די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וואַרשע □192, No 2. „אים איז דער טומל [אַרום דעם ייִדישן טעאַטער] אויסגעקומען אַ ביסל אַן אָ'ער„, מוק, מײַנע באַגעגענישן II. „אומעטום שטעקט ער אַרײַן די נאָז, ווײַזט אויס שוין ווידער אָ'"

יהושע פערלע, 'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי'.
־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשריבן — אַדי, פֿאַר אָנשרײַבן ←.
אַזוי איז אָ'. עס שטייט (ניט) אָ'. אָ'ענע

וועראָנגעשריגן

טער. אָ'ענע תּורה. אָ'ענער קאָנטראַקט. ס איז
אָ, שוואַרץ אויף ווײַס (טשאַרנאָ נאַ בּ אַלעם).
י

ס'איז אַוודאי אַזוי בּאַשערט, אָ, פֿון אויבן. אָ,
קלאָר און דײַטלעך. אָ, מיט שווייס און בּלוט.
וואו שטייט עס אָ'? אין ספֿר פּראַלניק? *עס
איז אים ניט אָ, אויף דער נאָז = מע קען עס
ניט וויסן וועגן אים. „וואָס עס איז אָ, מיט אַ
פֿעדער קען מען ניט אויסהאַקן מיט קיין
האַק“; „וואָס עס איז אָ, מיט דער פּען זאָל
אויסהאַקן ווער עס קען“; „וואָס ס'איז אָ, קען
מען ניט אויסמעקן (אָפּלייקענען)“, שוו. „האָט
דער בּע„ש דערזען אויף אַ קבֿר אַן אור גדול.
איז ער צוגעגאַנגען זען דאָס קבֿר. איז אויף
דער מצבֿה, אָ': משה עבֿד ה'“, ספֿר שבֿחי
בּעש“ט, זשאָלקעוו 1850, לט/ב. „דאָס איז
געווען אַ פּראָשעניע צו גאָט, זייער וואויל אָ,

בישיבֿה של מטה אין דער קאָמיסיע פֿונעם
בית־דין,,, ממוס, 'וואָלין'. ,,אין דעם סטיל דעם
שיינעם, ליבֿן, איז געווען דאָס איינציק וואָרט
יוגנט אָ,,,, פֿרוג I, 'אין ווייטיק־בעט'. ,,וואָס
בײַ איינעם אויף דער צורה אָ, איז בײַם אַנדערן
אויף דער נשמה", נס איבֿז, וויקטאָר הוגאָ,
נאָטר דאַס קיִעוו 1929. ־ערהייט. ־קייט.
אָנגעשריגן — אַדי, פֿאַר אָנשרײַען ←. פֿפֿ:
▯ י־,געשר▯ ען, לד. אָ'ענע (אָ'ע) קינדער.
אַן אָ'ענער = צו פֿיל געלויבטער. ,,ד
מאַנ— י
סאַרדע איז אָנגערויכערט, אָ'שריגן", פּמ,
דוראויס, דור־אײַן. ,,ווער דאָ ניט איז עוסק בתּורה
דער איז איין נזוף, כּלומר איין אַן גישריגנר
גלײַך אַז איין נזיפֿה פֿון הקבֿ,,ה,,, נצ1, ויקרא,
ה/ב.
אָנגעשריי — דער, ־ען. באַפֿעל, אָנזאָג מיט
אַ הויך קול און געבייזער. אַ קללה, אַן אָ'.
פֿול מיט צאָרן און אָ, פֿון דײַן אָ', גאָט פֿון
,, .
יעקבֿ, איז אַנטשלומערט געוואָרן אי רײַטער
אי פֿערד,,, תּי, תּהלים, עו, 7. ,,,... ווײנט דאָרט
אויך אַלע נאַכט. וויגט מען אים דאָרט אויך
אַלעמאָל, כאָטש אָפֿט מיט אַן אָ, און ניט גערן",

אי. קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930.

אַנגראָ, — אַדוו. < איי > פֿר — s]e.

,אין אַ גרויסן קוואַנטום'. הורטאָם, הורטאָוונע. אָגולנע. פֿאַרקויפֿן אַ, (היפּוך: לאַחדים). „פֿון מאַגאַזינער וואָס פֿאַרקויפֿט אָגולנע (אַ', אָפּטאָווע) צום קרעמער פֿון קרעמער צום קאַראַבעל,

ניק...“, צבֿי ניסן גאָלאָמבּ די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906 פֿיג. אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם.

.

„... נאָר דאָס איז אַלץ — דעטײַל־פּריווילעגיען, אַ, זעט מען נאָך דערווײַל גאָרניט„, קמ, 4 8, 18, No.

אַ'־ה אַ נ ד ל. אַ'־ה ע נ ד ל ע ר. אַ'־ס וח ר. אַ'־ס ח ו ר ה. אַ'־ס ק ל אַ ד.

—סיסט — דער ווער עס האַנדלט אַנגראָ. שפּאַסיק אויך: אַ ליגנער וואָס פֿאַרנעמט זיך איבערמאָסיק גרויס. „צו אונדז... אַז עס כאַפּט זיך אַרײַן אַזאַ מין קונצנמאַכער אַ בּעלמגזם, האָבּן מיר פֿאַר אים אונדזער אייגענעם נאָמען: אַנגראָסיסט'... בּלשון אַשכּנז...

,

פּשוט: אַ ייִד אַ שקרן, וואָס האַקט אַ טשײַניק“,
שע, אײַזנבאַן־געשיכטעס.

1431

אָנגראָב — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנגראָבן. 2. אויפֿשיט. אַרומשיט.
אָנגעשאָטענע, אָנגעגראָבענע, אויפֿגעגראָבענע
ערד (אין פֿאָרעם פֿון אַ בערגל, אַ וואַל) ־ונג.

.

אָנגראָב אַנעווען — אוטוו. ־נעווע אָן,
ִ

□ ..,,(גע)גראָביאַנעוועט. זיך אויפֿפֿירן ווי אַ
גראָביאַן, גראָבער־יונג. פּראַווען גראָביאַנסקע
שטיק. אָ, אויפֿן קערמישל, די געסט זאָלן זיך
צעלויפֿן. אָ, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון יונגע
קינדער.

אָנגראַבליע(ווע)ן — טרוו. ־ליע(ווע) אָן,
□ ,געגראַבליע(ווע)ט. צונויפֿשאַרן, צונויפֿקערן,
צונויפֿנעמען מיט אַ גראַבליע. אָ, די בלעטער
און צווײַגלעך אין אַ בערגל.

אָנגראַבלען — טרוו. ־בל אָן, ~געגראַבלט.
1. אָנקראַצן, אָנדראַפּען. צעדראַפּען. אָ, די הענט
בײַם שלעפּן פֿאַרזשאַווערטע בלעכן. „האָב איך

איר אָנגעגראַבלט אַ צורה אַז זי וועט האָבן זיך
צו קראַצן,,. 2. פֿיג. דורך (אָפּ)שפּאָרן,
קאַרגן, זיך אָנזאַמלען אַ פֿאַרמעגן. ,,אָ, גראָשנס
פֿונוואַנען נאָר עס לאָזט זיך,,. אויך מיט
ז י ך.
אָנגראָבן — טרוו. גראָב אָן, ~געגראָבן.
1. גראָבן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, אָקאָפּעס.
אָ, קבֿרים. ,,האָט ער אָנגעהויבן... מאַכן
גרעבניעס, פֿאַרצוימען די וואַסער, אָ, קליינע
קאַנאַלן... און דער טײַך איז אים שוין מער ניט
שעדלעך,,, חי,,ה זעלדעס, ווינטער אַבענדען,
וואַרשע תּרנ,,ח. 2. אַ ביסל, לײַכט פֿון אויבן
,
גראָבן. אויפֿגראָכן. אַרומגראָבן. ,,די גערטנער
... גראָבן אָן בערגלעך ערד אַרום אונטערשטן
טייל פֿון איבערערדישן [קאַרטאָפֿל־]שטענגל,,,
א. גאָלאָמב איבז, ג. באָטש, געוויקסן, וואַרשע
1920. ,,אַ פֿלאָקן זאָל דיר זײַן אויף דײַן שוועל,
אַזוי אַז דו וועסט אַרויסגיין וועסטו אָ, ערד,
און וועסט צודעקן דײַן צוֹאה“, לט2, מח/ב.
3 פֿאַרענדיקן גראָבן. אויסגראָבן אַ

פֿאַר

.

טיפֿונג אין דער ערד. „איינער וועט עפֿענען אַ גרובֿ אָדער ער וועט זי פֿון תּחלת אָ, און איינער וועט אין איר אַרײַנפֿאַלן“, נצ2, קיא/ג.

4. דזוו אויסגראָבן בֿ3, ←. אָ, קאַרטאָפֿל. „קאַרטאָ□ל האָסטו דאָך געמעגט אַ ביסל ברענגען... — פּרוּוו, ברענג, אַז ער האָט ניט געלאָזט אָ'“, ה. דאָבין, סאָוו, היימלאַנד, 1963, No 3.

5. גראָבן, זוכן און גע□ינען אין דער ערד. „די גאַנצע וועלט איז געפֿלויגן אין אַמעריקע... מיט זעק אויף די פּלייצעס, מיט לאָפּאַטקעס בײַ די זײַטן, אָ גאָלד“, ח. א. יאַכנוק,

,

אין אַמעריקא, וואַרשע 1894. מיט ז י ך.

־עכ□ן. ־עניש.

אָנגראַבעווען — דזוו אָנראַבעווען ←.

אָנגראַגען — דזוו אָנקראַקען ←.

אָנגראַגערן — ־ער אָן, ~געגראַגערט. אוטוו —

1. גראַגערן אַ סך, קלאַפּן מיט אַ גראַגער, קאַלעקאָטקע. אָ', מאַכן אַ רעש און זיך אָפּטראָגן. 2. אָנטומלען, אָנרוישן. אָ', דער קאָפּ זאָל געשוואָלן ווערן. אָ', מע זאָל ניט

קענען הערן דעם חזן. טרוו — אָנפּלאַפּלען.

אָנגרוזען

אָנפּלוידערן גיך; אָן אָפּשטעל קלאַפּן מיט דער
צונג. אָ, מעשׂות מיט חסדות. אָ, אַ פּולן קאָפּ.
מיט ז י ך. —ניש.
אָנגראַווירן — טרוו. ־וויר אָן, ~(גע)
גראַווירט. אײַנשנײַדן, אָנקריצן מיט שאַרפּן
מכשיר אויף (אין) מעטאַל, שטיין אע. אָ, אויף
דער מצבֿה. אָ, אויף דעם גאָלדענעם זייגער די
דאַטע פּון דער חתונה —ונג.
—
.
אָנגראָזיק — אַדי. וואָס איז אָן גראָז. אָ'ע
לאָנקע. אָ'ע שטחים.
אָנגראָזן — טרוו. גראָז אָן, ~געגראָזט.
באַדעקן, פּ[אַרזייען מיט גראָז. באַגראָזן. אָ, די
-

ברעגעס אַרום טײַך. „און האָט דעם וואַלד
באַבלעטערט, און אָנגעגראָזט די ערד“, הר,
פּאַרנאַכט. מיט ז י ך ־ונג.

.
אָנגראַזשען — טרוו ־זשע אָן, ~געגראַזשעט.
.
סל. וורר. אָנשמו ן. אָנבּרודיקן. אָנחזירן. „זיי
האָבּן מיט די שטיוואַלעס אָנגעגראַזשעט אַ
פֿולע שטובּ“.
אָנגראַטולירן — טרוו ־ליר אָן, ~(גע)
גראַ
טולירט. 1. גראַטולירן אַלעמען פֿון אַ גרופּע
אָדער איינעם אַ צאָל מאָל. אָ, חתן־כּלה. אָ, דעם
גראַדואַנט, דעם גאַנצן אַרויסלאָז. 2
פֿאַר.
ענדיקן גראַטולירן. „מע האָט מיך שוין
אָנגראַטולירט, קען איך איצט פֿירן די זיצונג„.
־ונג.
אָנגראַטעווען — דזוו אויסגראַטענען ←,
208.
אָנגראָמאָדזשען — טרוו. ־דזשע אָן, ~(גע)־
גראָמאָדזשעט. פּפֿ. ־מאַדזשען ־
דזשע. ,
ווען.: <] דa]] גa] ר a] : >.
 i 1)naɟgroma. סל. אָנהויפֿן. אָנלייגן,
אָנוואַרפֿן עס זאָל ווערן אַ הויפֿן, אַ קופּע.

שווער מאַכן. אָ, געהילץ אויף געהילץ. אָ, זעק אויף דער פֿור.

אָנגראַמען — טרוו. גראַם אָן, ~געגראַמט.

1. איר. אָנשרײַבן עפּעס אין גראַמען. אָ, אַ שיר לכּבֿוד דעם בעל־יובֿל. אָ, אַן אינסקריפּציע אויף דעם טאָוול. אָ, די באַגריסונג צום פּרעזידענט פֿון דער ,סאָסײַעטי'. „האָט 'באַזעצט, און 'באַזונגען, [זײַנע אַמאָליקע קונדן], אָ'דיק ז אַ גאָלדענע מערכה“, מר . 2. שרײַבן, ײ

דרוקן, פּראָדוצירן לידער אין גראַמען אָן אַ קינסטלעריש־ליטעראַרישן ווערט. אָ, לידער. אָ, גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ ל(י)עטניק. “אַ בדחן איז ער, ניס קיין פּאָעט! אָנגעגראַמט אַ גאַנצע פֿאָליצע מיט פּסולת„..

אָנגרובֿ אַנע(ווע)ן — דזוו אָנגראָב אַנעווען

..

אָנגרודעווען — טרוו ־דעווע אָן, ~ געגרו.

דעוועט. אָנוואַרפֿן אַ גרודע, אַ קופּע. אָ, ציגל, ליים, שטיינער, זשוויר אע.

אָנגרוזען — טרוו. ־זע אָן, ~געגרוזעט. פּפֿ:

~גרוזעווען. אויך: ~גרוזיען, י.,,
גרוזנען, ~גרודען. סל. אָנלאָדן, אָנפּאַק
פֿראַכט, משׂא. ,,די ראַבאָטשעס האָבן
אויסגעגרוזעט בערלינעס, פּאַראָכאָדן, די האָבן

אָנאָנגרויזן

געגרוזעט...,,, ש. בעקערמאנ, משיח'ס צײַטען,
אַדעס 1887. ,,יענער האַנדלט אַ וואַגאָן תּבֿואה
און באַדאַרף דעם וואַגאָן תּבֿואה אָ'', שע, 'דער
דײַטש'. ,,גרוזעוועט אָן אויף אַ גרויסן
לאַסטאויטאָמאָביל צעקרישלטע... ציגל,,, חג, טמז,
2 1962 II. ־עניש.
אָנגרויזן — ← אָנקרויזן.
אָנגרוילן — טרוו. גרויל אָן, ~געגרוילט.
שטאַרק אָנשרעקן, אַנוואַרפֿן אַ גרויל, אַ פּחד.
אָ, די שכנים מיט מעשׂיות וועגן איבערפֿאַלן
אויף דער גאַס.
אָנגרויען — טרוו. גרוי אָן, ~געגרויט. אויך:
~גראָען. 1. אָנמאָלן, אָנפֿאַרבן, אָנשמירן
מיט גרויער פֿאַרב. אָ, די ווענט פֿון הויז. אָ,
דעם 'ןאַדניק, [= הינטערגרונט־דעקאָראַציע].
2. אָנשילדערן, אָנמאָלן אַ סך אין (מיט) גרויע

קאָלירן, טענער. אָ, נאַטור־בילדער, פּייזאַזשן.
פֿיג. אָ, דערציילונגען. מיט ז י ך — זיך
עלטערן און קריגן גרויע האָר.

אָנגרוכיק — ← אָנגערוכיק.

אָנגרונדירן — טרוו ־דיר אָן, ~געגרונדירט.

□

אָנשמירן מיט אייל אָדער אָכרע פֿאַרן פֿאַרבּן.
אָ, די פֿאָדלאָגע.

אָנגרונטיק — אדי. 1. וואָס איז אָן אַ
מאָטיוו, אָן אַ סיבּה. אָ'ע באַשולדיקונג. "אָ'ע,
נאָר אומרואיקע רייד?", האל, מוון אוצר,
מאָסקווע 19□6. 2. וואָס מ□ קען ניט גרייכן
צום גרונט. אָ'ער תּהום. "און איבּער דעם
בּרייטן צעבּליטן אַרום, ווי דער אָ'ער הימל",
לייזער קאצאָוויטש, הומאָרעטקעס, מינסק 1933.

אָנגרונטעווען — טרוו ־טעווע אָן, □,
גע.
גרונטעוועט. 1. (מאַליעריַ) אָנשמירן,
אָנלייגן אַן ערשטן שיכט פֿאַרבּ פֿאַרן (אויס)־
מאָלן. פֿאַרשפּאַכטלעווען די לעכער און אָ, די
ווענט □אַרן מאָלן דעם סאַלאָן. 2. אָנרירן

□

בײַם שווימען דעם דנאָ (גרונט) מיט אַ פֿוס. אָ, צו דערטאַפּן דעם דנאָ.

אָנגריבלען — טרוו ־בל אָן, ~געגריבלט.

.

גראָבן אַ סך גריבלעך. אָ, גריבלעך פֿאַר די יונגע ביימעלעך. אָ, גריבלעך אײַנצוזעצן טאָמאַטן.

אָנגריבלען זיך — אוטוו ־בל זיך אָן, זיך ~געגריבלט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט זיך גריבלען, חקירהן, נאָכזוכן, פֿאָרשן און איבערפֿאָרשן. אָ, זיך יאָרן־לאַנג אין אַרכיוון אַרן ביבל אָטעקן צו געפֿינען אַ לאַנג־געזוכטן דאָי

קומענט, כתבֿ־יד. אָ, זיך אין עמעצנס פֿאַרגאַנגענהייט ־עניש.

.

אָנגריז(□)ען, ~גריזשען — טרוו ־ז(י)ע,

□

־זשע אָן, ~געגריז(י)עט, ־זשעט. 1. אַ ביסל גריז(י)ען, אָנבײַסן. לײַכט, פֿון אויבן אויסעסן מיט די ציין. אָ, אַן עפּל און אַוועקוואַרפֿן. מײַז גריזען אָן אַלצדינג וואָס זיי טרעפֿן אָן.

2. גריזען, אײַנגריזשען אַ צאָל זאַכן. אָ, אַלע

עפּל פֿון קויש. ״די שטשורעס האָכּן
אָנגעגריזשעט די זעק תּבֿואה אין שפּײַכלער״.
3 פֿיג. שטאַרק נגען, צושטיין צו עמעצן מיט
·
רייד (טענות, בקשות) ביז יענעם ווערט ניט

1432

גוט. אָ, די גאַנצע שטוב מענטשן און גאָרנישט
פּועלן. ״אַז די ווײַב גריזעט אָן, לויפֿט ער אין
שענק אַרײַן״. מיט ז י ך — אויך: זיך אָ,
דאָס האַרץ אומזיסט און אומנישט. ־עניש.
אָנגריזנען — טרוו ־נע אָן, ~געגריזנעט. סל
·
אָנבּרודיקן. אָנשמוצן. אָ, די פּאָדלאָגע.
אָנגרייגערן, ~גרעגערן — דזוו
אָנגראַגערן ..
אָנגרייזיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ גרײַז.
--
וואָס האָט ניט קיין גרײַזן. אָ'ער דיקטאַט. אָ'ע
חשבּונות. דאָ באַטרעפֿט די צאָל אָ'ע שילער
25 פּראָצענט״, אי נ שפּראַכפֿראָנט, קיִעוו

.1935, 3-4.
אָנגרייזלען — טרוו ־זל אָן, י.,געגרײַזלט.
—
.
אויך: ~קרײַזלען. 1. מאַכן, אָנדרייען, פֿאַרדרייען גרײַז(ע)לעך, לעקעלעך אין די האָר. אָנדולירן. אָ, די האָר, דעם פּאַרוק. 2. אָנצאַצקען, אויסציקלען, אָנכּתיבֿהן בײַם אויפֿשרײַבן עפּעס. אָ, אַ פֿאַרמעט. אָ, אַ דיפּלאָם. ־עניש.
אָנגרייזן — גרײַז אָן, ~געגרײַזט. אוטוו —
-
מאַכן אַ סך פֿעלערן; דורכלאָזן, ניט אויסניצן געלעגנהייטן. אַ לעבן־לאַנג האַלטן אין איין אָ'. טרוו — מאַכן, דורכלאָזן אַ סך גרײַזן בײַם שרײַבן, דרוקן אָדער קאָרעגירן. אָ, דעם מאַנוסקריפּט בײַם איבערשרײַבן אויף דער שרײַבמאַשין.
אָנגרייט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנגרייטן. זאַפּאַס פֿאַרגרייט. אַן אָ, פֿון

געווער, פֿון תבראה אאזוו. ונג — "זאָל פֿאַר זיי אָנגרייטן די ספֿרים און אַלערליי אָ, אַז עס זאָל קיין שום זאַך ניט אָפּגיין צום

לערנען", ר, משה בר, נתן נטע [איבּז], שבֿט
מוסר, סודלקאָוו 1833. "עס שטייט 'מכון
לשבתך פּעלת ה', — אַן אָ, צו זיצן האָסטו
גאָט געוועוערקט קעגן בית־המקדש פֿון הינטן",
תּנחומא, שמות, וואַרשע תּרמ"ו.
אָנגרייטן — טרוו. גרייט אָן, ~געגרייט.
1 פֿאַרגרייטן. אַוועקלייגן, אָפּשפּאָרן אויף אַ
.
שפּעטערדיקער צײַט, פֿאַר אַ נויטפֿאַל. אָ,
קאַרטאָפֿל און קוילן אויף ווינטער. אָ, שמאַלץ
(מעד) אויף פּסח. "גרייט דיר אָן אין דער יוגנט
וועסטו האָבּן אויף דער עלטער"; „אַז מע
גרייט אָן אום זומער האָט מען אויפֿן ווינטער",
שוו. אָ, אויף הלוואַי מע זאָל (נאָר) ניט

(בּאַ)דאַרפֿן — וועגן (אויס)פֿרעגלען, פֿאַרגרייטן
אײַנגעמאַכטס (וואַרעניע), ווײַל מע פֿלעגט עס
געוויינלעך ניצן פֿאַר אַ קראַנקן. "[די
מורעשקע] גרייט דאָך אָן אום זומער איר פּרנסה,
טראָגט צום הויף אום שניט איר בּאַדערפֿעניש",
מס, משלי תּקע"ד, ו, 8. "... ניט אָ'דיק גענוג
שטאָף אויף צו בּויען פֿאַר יענע וואָס וועלן
קומען נאָך זיי", ממוס, שלמה "אָ, פֿאַר משיחן
מאַטער אַל פֿון וועלכן ער ועט... אויסקאָוועמן

פַאַר איַיך אַ נײַעם, ליכטיקן מזל‟ פרוג III.

2. אָנבּרייטן, צוגרייטן אַ סך פַאַר אַ נאָענטן צוועק. אָ, צידה לדרך. אָ, אויף שבּת. אַ, אויף אָפּצופּאַסטן. אָ, מצות אויף פסח. אָ אַלץ ווי

אָנגרייטן

אַ גוטע בעל־הביתטע. אָ אַן אָנבײַסן. אָ, עפּעס צום מיטאָג. אָ, פון כּל־טובֿ אויף יום־טובֿ. אָ, (ווי) פַאַר אַ פאָלק סאָלדאַטן. „אַז מע גרייט ניט אָן פַאַר שבּת האָט מען ניט אויף שבּת‟, ש וו. ‟שענקטס אַ נדבֿה, שענקטס אַ נדבֿה אויך אַמאָל דעם צווייטן. מיר גייען אַרום געלט פַאַרדינען אויף פּסח אָנצוגרייטן‟ פּל פּריי—

טאָג ריכט אַן וואשׁ דוא דארפשׂט אַן צו גרייטן אויף שבּת‟, מחזור שלש רגלים, ח„ב, אמשט

1713. „די וועלט איז געגליכן צו ערבֿ שבּת,
אַזוי ווי דער וואָס גרייט אָן אום ערבֿ שבּת
דער האָט צו עסן אום שבּת", לט2, נא/ב. „
אָנצוגרייטן פֿאַר הונדערט קאָזאַקן און היי און
האָבּער פֿאַר זייערע פֿערד", טיפּורים נוראים,
[לבוב? יאָר?]. „מזל־טובֿ אײַך מיט פֿריש־
צאַפּלדיקע פּיאַווקעלעך! גרייט אָן, ייִדן, לוט, גרייט
אָן געלט, געלט, געלט", ממוס, קליאַטשע.
"אַלץ אין שטיבל [איז] אָנגעגרייט אויפֿצונעמען
די אורחים", אַש, תּהילים־ייִד. "ערבֿ סוכּות,
אין די שטובּן בײַ די אונטערגעפּײַערטע
פּליטעס זענען די ווײַבער פֿאַרנומען געווען מיטן
אָ, לכּבֿוד יום־טובֿ", שמעון האָראָנטשיק, גאָטס
,

משפּט,. „מוז ער אין זינען האָבּן אָנצוגרייטן
אויף אַ בּן־זכר און אויף אַ בּרית", א.
זאָלאָטאראָוו, ייִפֿאָל, 4 1882' No.
3. בּאַזאָרגן פֿאַרזאָרגן. אויפֿשטעלן,
אײַנ,
שטעלן. "פֿאַר דרײַ האָט גאָט אָנגעגרייט אַ
בּאזונדער(ן) גן־עדן. פֿאַר רבּנים, נאמנים און
—
.
מלמדים — נאָר עס שטייט נאָך עד־היום

ליידיק", שוו. "(יכין) גרייט ער וואול אַן דער רשע דיא קליידר, אבֿר דר צדיק קלייס עשׂ אַן", סהמ, איובֿ, כז, 17. "מיר לערנין עשׂ פֿון הקבֿ"ה דז ער האָט... אים גיגרונד פֿעשט אונ, האָט אַן גיגרייט אלירלייא פּרנסה, בֿהמות, חיות", נצ 1, בֿראשית, יד/ג. "דער פֿאָטער פֿון דעם קינד גרייט אָן אַ שטול און זאָגט (זה הכּסא של אליהו)", נצ2, לבֿ/א. "די צדיקים זאָגן אים אַז די ענינים פֿון עולם־הזה איז אייטל נאַרישקייט און צעבֿראָכן געמיט. דערום זאָלסטו דיר אָ, דעם גוטן וועג", קה. "זיי האָבֿן שוין אָנגעגרייט פֿאַר אונדז אַ מקום מנוחה זיי וועלן אונדז פֿאַרזאָרגן,,, ממוס, שטורמצײַט. ,,קיין געבֿראָטענע טײַבֿעלעך האָט מען פֿאַר אונדז אין ערגעץ ניט אָנגעגרייט", זשיט IX, נ"י 1919.

4. זיך אײַנשאַפֿן, פֿאַרשאַפֿן. ,,ווער עס שטראָפּט דעם צווייטן מוז פֿריִער פֿאַר זיך גוטס אָ'", שוו. "(זימן) דען צווײַג פֿון טייטל בֿוים דען איך האבֿ אַן גירייט צו דער מצוה", מחזור שלש רגלים, ח"בֿ, אמשט 1713. זיך אָ, עולם־הבֿא. ◻ זיך אָ, שפּײַז פֿאַרן (אין) ווײַטן וועג = פֿיג טאָן מצוות כּדי צו קריגן זייער שׂכר אויף יענער־וועלט.

5. בּאַשטימען. „אינדערהייך איז פֿאַר יעדן
אָנגעגרייט זײַן גורל“. ״דער אייבּערשטער
האָט פֿאַר יעדן אָנגעגרייט זײַן (אַ) זיווג“. ״די
צענטע בּרכה איז (אַשר הכין) וואָס ער האָט
אָנגעגרייט (מצעדי גבּר) די טריט פֿון ▯עם
מענטש“, ספֿר מקור הבּרכה II, מונקאַטש
תרנ״ה. ״גאָט! האָסט מיר געהאָלפֿן פֿון די

אָנגרייטן זיך

גזלנים, מיך בּאַשערעמט פֿון דעם וואַסער דעם
בּרייטן כּדי אַז דו זאָלסט מיר דאָ דעם טויט
אָ'“, עט, לידער, ווילנע 1925.
6. פֿיג. צוגרייטן גײַסטיק. דערצ▯ען.
לערנען. אָנגורטן. „ויכוננה! און האָט אים
אָנגעגרייט מיט זײַן גרויס חכמה מיט זײַנע אבֿרים
און מיט שיינע געבּײַדע“, שבֿט מוסר, לובּלין
1877. ״צו איטלעכער זאַך וואָס איז קדושה,
היינו צום דאַוונען או▯ תּורה ומצוות, געהער
מען דיך אָ, אויף פֿריִער מיט גרויס חשק“, בּן
ציון בּר, יוטף יהודא מחערסאָן, צדה לדרך,
פּיעטריקאָוו 1905.
אָנגרייטן זיך — אוטוו▯ ← דפֿוו. צום בּ 1

„די מורעשקע וואָס איז אַ קליין באַשעפֿעניש, האָרעוועט און גרייט זיך אָן איר באַדערפֿעניש“, ממוס, שירה.

צום ב3: „ אַז ער באַדאַרף גיין אין אַ

.

ווײַטן וועג אַרײַן גרייט ער זיך אָן עטלעכע טעג פֿר ער איידער ער גייט די זאַכן וואָס ער באַדאַרף צו דעם וועג“, חה, 206.

צום ב4: „וואָס מע גרייט זיך (ניט) אָן אויף דע'ר—וועלט, דאָס נעמט מען ניט מיט אויף יע־נער־וועלט“, שוו. “אַז מע גרייט זיך נישט אָן אויף דע'ר־וועלט, האָט מען נישט אויף יע' נערוועלט„, שוו. “דז ער גיהערט זיך צערונג אַן צו גרייטן אויף איין זוא ווײַטן וועג דאשׂ ער צו רײַזן האָט אונ, דיא צײַט פֿון לעבן איז קאָרץ“, ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים, קיטן

.

תּע“ז. „[די נשמה] מוז זיך פֿון דעם גוף אַפּשיידין אונ בגער זיך שפּײַז אויף איהרין וועג

אַן גרייטן,,, א. פּאוויר, בחינות עולם, זשאָלקעוו תּקס"ה. ,,דער עיקר דאַרף מען טראַכטן זיך אָנצוגרייטן אויף די אייבּיקע וועלט", פּלאי, המדבּר בּ□1־קה, וואַרשע תּרנ"ב. ,,גרייטן זיי זיך אָן תּכריכים און מאַכן אַ צוואָה", י"ז בּן אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאך, ווילנע 1894.

צום בּ6. ,,אַז אַך אין פּרקים שטיט, גירייט דיך אַן אין (פּרוזדור)... אי דוא גייאשׂט אין פּאַליש צו דעם מלך,,, לט1, טז/א. ,,עס איז געוועזן אין יענע שווערע טעג, ווען אָנגעגרייט זיך האָט דאָס וואַנדערפּאָלק, מיט פּיס געשוואָלן, קראַנק און מיד, אַרײַנצוטרעטן אין דאָס לאַנד כּנען", יהואָש, 'שבט ראו□ן און שבט גד'.

־עכ□ן — ,,אויף די אַנדערע וועגן זײַנען געזעסן די ווײַבּער מיטן געבּעקס און אַ'", אַש, א שטעטל. ־עניש. ־ער(־ין). ־ערײַ.

אָנגרייכן — גרייך אָן, ~געגרייכט. אוטוו — אָנקומען, אָנשפּאַרן. דערשלאָגן זיך. אָ, אין אַלע ווינקעלעך פֿון ערד־קײַלעך. אָ, צום סאַמע מיניסטער אַליין. "וויי איז צום אויער, וואו ס'גרייכט נאָר דײַן קול אָן", האל איבּז, יל"ג, די איד□שע פּרוי [פּרויען, זבּ], מאָסקווע 1928.

אוטוו & טרוו — (אָנ)דערלאַנגען, דערגרייכן.

אָנרירן, צוקומען (צו) עפּעס וואָס איז שווער
צו דערגרייכן, דערלאַנגען. אָ, מיט די שפּיץ
פֿינגער דעם סופֿיט. אָ, די העכסטע פּאָלקע
פֿון (אויף) דער פּאָליצע און אַוועקשטעלן דאָס
בוך. ״דא זאָגן אַ טייל (חכמים, מיכאל המלאך)
איז געקומען און האָט זי געצויגן, דאָ האָט זי

1483

אָנגעגרייכט בײַ דעם שפּיץ פֿון דעם [ס]
צעפּטער,,, ר, אַהרן מטריבש, ספֿר טצח אַהרן,
וואַרשע תּר״ג.
אָנגריי — דער, ־ן. נעאָל, מוו, 1921. דזוו
-
אָנגריף ←. אַקט פֿון אָנגרײַפֿן. מאַכן אַן אָ,
אויפֿן שׂונאס פּאָזיציע. ווידערשטיין אַן אָ,.
,,דער גורל און צוואַנג פֿון ייִדנטום איז, צי
ער וויל יאָ צי ער וויל ניט, אַן אָ, אויף דער
מענטשלעכער געזעלשאַפֿט״, טוו, היטלערס
פּראָפֿעסאָרן. ,,די נײַע ענציקל, טראָץ איר אָ, אויפֿן
ציוניזם...״, בצג, טמז, 12 1953 II. ל ו פּ ט־אָ'.
אנגרייפֿלעך — אדי. וואָס מע קען
אָננע- -

מען, אַרומנעמען (. אָנגרײַפֿן, ב6). "די
קרבנות איז איין אַן גרײַליכי זאַך וואש מען
מיט הענדן גרײַפֿין מוז אבר די תּפֿלה איז
דורך דען רידן איז דורך איין לופֿט וואָס ניט אַן
צו גרײַפֿן איז", ר, זאבֿ וואָלף בר, יוסף
מברלין, דרישת הזאב, ת"ק.

אָנגרייסן — טרוו. גרײַף אָן, ~געגריפֿן,

~געגרײַפֿט. 1. אָנפֿאַלן, באַפֿאַלן,
איבערפֿאַלן מיט געווער. אַטאַקירן. אָ, די פֿעסטונג,
די פֿאָרטיפֿיקאַציע. אָ, דעם שׂונאס אַרמיי פֿון
אַלע זײַטן. "איקליכר גרײַף דען אַנדרן בײַא
זײַנם הויבט אַן", שמואל־בוך סטראָפֿע 893.
„פֿנטצר און הארניש שפּיס אונ, שווערט אַך
טרומעטן, פּויקן אונ, פֿײַפֿן, דז פֿאָלק אַלז
זיך נוך פֿרנקבֿורט קערט אַז ווען זיא עפּישׂ
וועלטן אַן גרײַפֿן", ווינץ. „אונ, דאז מאַן זאָל
אַלי שווערטר אונ, מעסר שלײַפֿן, דאמיט וויל
ער נון זײַן פֿײַנט אַן גרײַפֿן", ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686. „דער שטאָרים ווינד דז דיא שיף

אַן גרײַפֿט — דאז איז איין רמז אויף דען (מדת הדין)“, ספֿר t⃞יח ה⃞tדה פֿיורדא תצ״ז.

,

„עז זאָל אויך דיא גמיינן בּוֹרגר איין גזאגט ווערין דז מען קיין יהודא ניט אַן גרײַפֿן זאָל“, בּאלעגערניש. „סיריע איז געווען די ערשטע וואָס האָט אָנגעגריפֿן ישׂראל“, דוד פֿלינקער, טמז, 19⃞5 5 I.

2. (אָנהייבּן) שלאָגן. בּאַפֿאַלן מיט בּייזע טענות, זלזולים, זידלערײַען. “ניקשׂ נאָך דויזר תּפֿיסה בּיגערט מן זוילט מיך הרטויר [= האַרטער] אַן גרײַפֿין“, גה, 383. “דרום אַך לאשׂט זי גאָט אַן אונשׂ ניט אַן גרײַפֿן, ווײַל מיר גלויבּן אַן אים אונ האַלטן זיך אַן זײַנר תּורה„, משה אײַזענשטאט, איבּז, דרך הישר לאַבן בּוחן, אָרט? 1746. “איינר האָט זײַנין (חבֿר) אַן גגריפֿן פֿר פֿילי לײַטין אונ, צו אים גיזגט, איך הבּי גיהערט דשׂ דוא פֿון מיר איבּל גשפּראָכין האשׂט“, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הדמבּורג תּצ״ט.

3. (בּייזוויליק) קריטיקירן. אַרונטעררײַסן. אָ, דעם מחבּר. אָ, דעם קעגנערישן קאַנדידאַט. „ווען עס גרײַפֿט אָן דעם כּבֿוד פֿון דעם בּוי״ת [= בּורא יתכּרך] בּרויכט מען ניט קערן פֿאַר

דעם כּבֿוד בּו״ד [בּשׂר ודם]״, ש מו פּלאי, ספֿר האמת והשלוס, לעמבּערג 1893. ״[דער אשמדאי] האָט אומכּאַרעמהאַרציק אָנגעגריפֿן ניו־יאָרקער ייִדישע אַרויסגעבּער און שרײַבּער״, א האַרקאַווי [פֿאָרוואָרט צו, מר I]. ״דוד פֿרישמאַן

-

אָנגרייפֿן

-

האָט... שאַרף אָנגעגריפֿן פּרצן,,, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן II. ,,אַז ס'האַלט שוין גאָר שלעכט, נעמט ער אָ, דעם רבּין, אַנשטאָט לאָזן זיך פֿון אים אַטאַקירן״, ייִז, אשכּנזי.

4. אַרײַנדרינגען אין עפּעס (און קאַליע מאַכן). אָנטאָן, אָנמאַכן שאָדן. די ווירוסן קענען אָ, די לונגען. די מאָ(י)לן גרײַפֿן אָן דאָס פּעלצוואַרג. ״כלאָר־בּלייכונג פֿאַר בּאוולנע שטאָפֿן אָדער שוועבּל־בּלייכונג... קעגן אָ', ד״ה אָפּשוואַכן די פֿעדעם״, דר, ל. ח. י״ה, ייִדישער האַנטווערקער, No 31.

5. ארכ אָנרירן. אָננעמען. אָנטאַפּן. צונויפֿנעמען. ״ער גרײַף נון דען זאַק אַן, דער דא וואַר פֿאַל קיזל שטאן,,, ספֿר משליס, פֿפֿדמ

1686. "מיר האבן עז [= שפּײַז] אויף קאַרגשׂט, אַז מיר קינט האבּן אַן גריפֿן"„ פּראָגבּ, 41. „אַלזו זאָג איך צו אים: מײַן הערץ, זאָל איך אײַך אַן גרײַפֿין, דען איך בּין טריפֿה גיווען", גה, 91. "אַז דער פֿאטר וואַר גישטאָרבּן האָט ער [זײַן בּן קטן] קיין מענשין ניט לאזין אַן גרײַפֿין צו דען בּעט של אבֿיו", נצ 1 , דבֿרים, נ/ב. "דען (לולבֿ) טראָג איך מיט רעכטן אין מײַני הענד אונ, ניט פֿון (גזל)... צו אַן גרײַפֿ[ן מיט זיא דען לולבֿ", מחזור שלש רגלים, ח„בּ, אמשט 1713. "אונ, ווען עשׂ טג איז, זאָ גרײַפֿט ער אַן דשׂ טלית אונ, מאַכט דיא בּרכה להתעטף בּציצית", ספֿר המנהגים, אמשט 1723, לד/א. "דא גינג... [ער] גישווינד אונ, גרײַפֿט דעם רבּי יצחק אַן, אַן זײַן הנד, אונ, נאַם אים אין זײַן הויז אַנײַן", ספֿר מע)ה ה', אמש ט 1723, ג/ד. "מע האָט [דעם פֿײַער פֿון מזבּח] קאָנען אָ, ווי אַ האָלץ אָדער ווי אַ שטיין, אַזוי האַרט איז דאָס פֿײַער געווען"„ הרבֿ אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם לאַשטשעוו 1817.

6. (אָנ)כאַפּן. אַרומכאַפּן. אַרומנעמען. אײַנקלעמען. אײַנגרײַפֿן ←. מלל פֿאַרטײַטשט 'חיל אָחז, (שמות, טו, 15): „אַן גיגריפֿן" [תּי: „זיי

האָט אַ שוידער באַנומען„]. “זיא זולטן ברוך
דען שרײַבר אונ, ירמיה דען נבֿיא אַן
גרײַפֿין אונ, גיפֿנגן ברענגן„, מ. שעריר, לו, 26.
„איז ער זי [די ווײַב] מפֿייס און גרײַפֿט זי אָן
מיט זײַנע הענט און רעכט זי אויף און ברענגט
זי להיכלו“, ע)רה בת טובֿים, תּחנה שער היחוד
על עולמות, [אָנהייב 19. י“ה] פֿיג. „אַ בילד
.
פֿון ייִדישע צרות. וואָס זאָל איטלעכן אָ, בײַ
דער נשמה„, בעמ II.
7. באַנעמען פֿאַר◻טיין. אײַנבײַסן. משׂיג
.
זײַן. „זיא וואושׂטן ניט וויא זיא עז זאָלן אַן
גרײַפֿן, זי העטן גרושׂה מורא, זי מושׂטן טאַנצן
וויא זיא ישׂראל ווערדן פפֿײַפֿן“, ר, יעקבֿ בר,
יצחק סג„ל ש“ץ דק“ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ,
פראָג 3◻17.
מיט ז י ך — „אַלשׂ יהודה גיזעהן האָט
אַלשׂ דשׂ חיל שטין בלײַבט אויף אירן פֿלאַץ
אונ, ער קען זיא ניט מאַכן וויכן, האָט ער
זיך אַן גיגריפֿן [= זיך אָנגענומען] מיט איין
מאַכט אונ, איין עצה פֿון שטאַרקהייט„, בית
י◻) ראָל, אַמשט 1723. “אונ, דר מאַן האָט זיך

אַן גיגריפֿן אַן דעם בּוים ווא (אילני חייא)

-

אָנגרײַפֿעריש

היישׂט, הט צדקה אונ, גמילות חסד גטאן“, קה,
פֿיורדא 1743. „עס איז גוט דו זאָלסט זיך אָ,
אין דעם דאָזיקן [יסוד]“, חה, 237.
־ונג. ־ער — “דער בּעסטער וועג צו
בּאַשיצן זיך קעגן אַן אָ', איז יענעם פֿריִער
אָנצוגרײַפֿן“, ייִז, קאַרנאָווסקי.

אָנגרייסעריש — אַדי. אָנ אַלעריש. אַגרעסיוו.

-

.

„זײַן רעדן איז געווען שאַרף, בּײַסיק, אָ'“,
הל, טאָג, XII 1949. “זי האָט אייגנטלעך
גאָרניט געוואָלט זײַן אָ', נאָר אַלץ ניט געקאָנט

זיך איבערשטעלן אויף אַ ווייכערן טאָן", סאָוו, היימלאַנד, 5 l965, No. "זײַן גאַנצער קערפּער מיטן קאָפּ... בייגט זיך אין אָ'ן געשטרעק", ישׂראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. —קייט.
אָנגרילצן — דזוו אויסגרילצן ←, 209. "די בלעכלעך האָבן אונדז אַזוי אָנגעגרילצט אין קאָפּ, אַז אַ גאַנצן וועג צוריק האָבן מיר שוין מער גאָרניט געהערט", אי. קיפּניט, טאָוו, היימלאַנד, 6 1968, No.
אָנגרימירן — טרוו ־מיר אָן, ~(גע)גרימירט.

1. אָנפֿאַרבן, אָנשמירן מיט שמינק(ע). פֿאַרגרימירן. אָ, דאָס פּנים פֿאַרן אויפֿטריט. 2. (פֿאַר)גרימירן אַ צאָל. אָ, אַלע סטאַטיסטן און כאָריסטן. מיט ז י ך. ־ונג.
אָנגרימפּלען — טרוו ־פּל אָן, ~געגרימפּלט. (אויס)גרימפּלען אַ סך. אָ, פּאָפּולערע לידעלעך.
אָנגרינען — טרוו. גרין אָן, ~געגרינט.
1. אָנפֿאַרבן, אָנמאָלן מיט גרינער פֿאַרב. אָ, די פֿאָרהאַנגען. 2. באַדעקן פֿאַרזייען
שט,
חים ערד מיט גרינס. אָ, די ברעגעס אַרום טײַך. אָ, דעם נגבֿ.
אָנגריסן זיך — אוטוו. גריס זיך אָן, זיך

~געגריסט. זיך (בּאַ)גריסן מיט אַ צאָל. אָ, זיך אַ גאַנצן אויפֿדערנאַכט אַזש די האַנט זאָל ווערן געשוואָלן.

אָנגריף1 — דער, ־ן. ← אָנגרײַף. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנגרײַפֿן ←. אָנפֿאַל. אַטאַק(ע). איבערפֿאַל. ,,וואַרפֿט ער אָפּ די עצה פֿון צוריקטריט פֿון דערוויליקן, און ...

ער לאָזט זיך אויף זײַן שטייגער באַלד אין שטרײַט — אין אַן אָ, אין אַן אײַליקן", אַל III, 'יהודה המכּבּים טויט'. ,,מיר גרייטן זיך צו אַן אָ'. עס זײַנען אונטערגעצויגן זעקס קאָרפּוסן פֿון מיליטער", ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1932. ש ט ו ר ע ם ־ אָ, — "כמעלניצקי האָט אויך איצט זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן צו נעמען די שטאָט דורך א ש אָ'", ימ איבּז, שד II פֿאַלן... וו אַ

'־ ' ,, .

־

סאָלדאַט אין ש'־אָ'", דא, פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאָ. אָ'־מ ל ח מ ה — היפּוך פֿון פֿאַרטיידיקונג(ס)־מלחמה. ק ע ג נ אָ , פֿיג.

.

"איך בּין פֿון איר אײַנגענומען געוואָרן בּײַ דעם

ערשטן אָ'", ווינטש III, נ,,י 1920. נ י ט ־ אָ'־
אָפּמאַך (פֿאַקט). אָ'־ר מ ו נ י ם — א"',
האַנטגראַנאַטן.
2. אָנפֿאַל, באַפֿאַל מיט זלזולים, בלבולים,
אינסינואַציעס, כּדי עמעצן ברענגען שאָדן,
אַרונטעררײַסן. ,,און פֿאַרלאַנג פֿון אײַך

איבער1434

צודרוקן ביידע 'דאָקומענטן': דעם אָ, און
דעם ענטפֿער", ווינטש, דאָס נײַע לעבען, נ"י
סעפּט, 1910. ,,ער האָט געמאַכט דעם ערשטן
אָ,, געוואַרט בנימינס ענטפֿער, נאָר בנימין
האָט געשוויגן", ייִז, שטאָל און אײַזן.
3. טייל פֿון אַ כּלי וואָס מע נעמט אָן מיט
אַ האַנט, וואָס דינט אָנגענומען צו ווערן. "איך
די [ידות הכּלים] אָ, פֿון די כּלים מוזן
געכּשרט ווערן", הרבֿ א. ברודא, הליכות עולס,
אונגוואַר 4)18.
אָנגריפֿלען — טרוו. ־פֿל אָן, ~געגריפֿלט.
אָנשרײַבן, אָנצייכענען (עפּעס) מיט אַ גריפֿל.
אָ, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס אויפֿן טאָוול.
אָ, פֿאַרשיידענע קובן.

אָנגרעבליע(ווע)ן — → אָנגראַבליע(ווע)ן.

אָנגרעבן — טרוו. גרעב אָן, ~געגרעבט.
אָנשטאָפּן, אָנפּאַקן, אָנלייגן כּדי צו מאַכן
גרעבער פּולער. אָ, דעם זאַק קאַרטאָפּל, מע זאָל
,
עס ניט קענען רירן פּון אָרט. אָ, די וואַליזע.
מיט ז י ך — רעפּל. ווערן דיק פּעט.
,
אָן גרענעץ פּראַזע. אויך: 1. וואָס
אָנער-------
קענט ניט קיין גרענעץ; איז אומעטום.
אוניווערסאַל. „כאָטש אויבן לײַכט ער און
פֿאַרשפּרייט זיך אין אַ בחינה פּון אָן ג, און אָן
אַן ענדע“, תּניא, 222. 2. וואָס איז ניט
געצוימט; ה קרדיק. “האַלט (שטעלט) זיך
ניט אָפּ פֿאַר קיין זאַך (פֿאַר קיין שום
שטערונג). חוצפּה אָן ג,. ענערגיע אָן ג'. אַפּעטיט
אָן ג'. „ער האָט אַ דאָרשט נאָך מאַכט אָן ג'“.
אָנגרענעצדיק — אַדי. אָ'ע
אַספּיראַציעס. „אַן אָ'ער וואָלונטאַריזם וואָס האַלט אַז
דער רצון איז איבער אַלץ אין דער וועלט“,
ימ, שמעון דובנאָוו. —דיקייט — “דער

פֿרײַער, אומעטום־גרײַכנדיקער ווינט, דער
גרענעצלאָזער ים — פֿרײַהייט, רוימלעכקייט, אָ"“,
א. י. זאַקוסקי, דוד עדעלשטאַט..., בּ"א 1955.
אָנגרענעצירן — טרוו. ־ציר אָן, ~
גרענעצירט. לר. אָנצייכענען, אָנמאַרקירן
גרענעצן. אָ, דעם נײַעם בּית־עולם.
אָנגרעפּצ(ע)ן — גרעפּץ(צע) אָן, ~
געגרעפּצ(ע)ט. אויך: ~גרעפּס(ע)ן. אוטוו — אַ
לענגערע צײַט גרעפּצן. אָ, נאָכן פֿעטן מיטאָג.
טרוו — 1. (גראָבּ) שלעכט, מיט אומקלאָרע
קלאַנגען עפּעס אַרויסבּרענגען. דער זינגער
האָט אָנגעגרעפּצט און דער עולם האָט אים
אויסגעפֿײַפֿט. אָ אַ רעדע. אָ אַ סוד אין אויער.

3. (גנביש) מסרן. אויסזאָגן פֿון חדר. (אָנ)
זינגען. אָ, אויף די אייגענע יאַטן. אָ, דעם
קנעפּלדיקן וועגן דער גניבֿה. ־ונג. ־עכץ.
־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אָנדאגותדיק — [... דײַ'געס...] אַדי. וואָס
איז אָן דאגות, אָן זאָרגן. וואָס זאָרגט זיך
ניט. „אָ'ער זוכער פֿון דער זוניקער זײַט פֿון
לעבּן“, ים, ייִבּל XXII, 1. ־יקייט.
אָנדאָ גראַ — דער, ־ן. אַפּאַראַט וואָס

פֿאַרצייכנט די שינויים אין שטראָמען. אָ'גראַם — דאָס פֿאַרצייכנטע מיט דער הילף פֿון אָ'גראַף.

אָנדאָלי'ט

אָ'מעטער — אינסטרומענט צו מעסטן די לענג פֿון ראַדיאָ־כוואַליעס.
אָן דאָ־דאָרט — [... דאָ'דערט] אַדוו. דזוו אָ'ן, דאָרטן.
אָנדאַוו(ע)נען — אַקוזוו. דאַוון אָן, ~ געדאַוונט. 1. (וועגן אַ חזן, אַ שליח־ציבור) שלעכט דאַוונען. „ווײַ ווי ל גרײַזן אין עבֿרי דער קאַליקע האָט אָנגעדאַוונט“. 2. פּעיאָ במקום־ווערב פֿאַר אָנרעדן, באַרעדן. אָ, רכילות.
אָנדאַוו(ע)נען זיך — אוטוו ← דפֿוו. דאַוונען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. “האָט מען זיך יום־כּיפּור אָנגעדאַוונט און אָנגעזאָגט ווי אַ פֿויק“, אפֿא, טמז, 7 1965 X.
אָנדאַטירן — טרוו ־טיר אָן, ~געדאַטירט.

.

1. אָנשרײַבן, אַוועקשטעלן אַ דאַטע. אָ, דעם בריוו. 2. אַוועקשטעלן דאַטעס אויף אַ צאָל. אָ אַלע צירקולאַרן ־ונג — אַ פֿאַלשע אָ'.

, .

אנדאַכט — די. מצ נבֿ. □ Mhd: a][ן()]âb.
אַרכ. גײַסטיקע פֿאַרטיפֿונג. פֿאַרטיפֿטע
מחשבֿה. כּוונה. „טובֿל והשרץ בּידו... ואַהבֿה
שאינה מלב... ובלא כּוונה תּפֿלה, השׂטן
ימצאם לעלילה. טוקין אָן רײַאן, ליבּן אָן טרײַאן,
בּעטין און [= אָן] אַן דאַכט, דיא דרײַא האָט
דער שׂטן דער דאַכט“, צוכט. “ווי איך נון זוא
מתוודה גיוועזין אונ, אַל מײַן אַן דאַכט
להמקום בּ„ה [בּרוך הוא] גידאכט אַלזו בּעלי זצ“ל
גילעגין אונ, גילאַכט“, גה, 151. “(מכּל שכּן)
ווען דער מענש שטיט (בּמקום קדוש)... דשׂ
ער גיהער מיט אַן דאַכט צו זיצן, אונ, זאָל
קיין לײַכט פֿערטקייט בּרויכן“, מהמ, אַמשט
1722, סא/א. „דען וואשׂ מן פֿר שטיט [ווען
מען איז מתפּלל] דשׂ גיט גווישׂ פֿון הערצן,
מאַכט גרושׂי אַן דאַכט“, עפּש, דרך הישר
לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. דטשמ: „... און
אײַער נאָמען דאַן מיט אָ, (כּוונה) דערמאָנען
צו גוטן“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887.
„רואיק קענען מיר בּײַם פֿענצטער לאַנג מיט
אָ, זיצן“, אר, 'שיינע הערבּסט־טעג'. ־יק —
„אונ, וואז גישריבּן איז אין דען אָרון הקודש
די פּסוקים די איינן מענשן אַן דאַכטיג מ[אַ]כן

אַז (שויתי ה, לנגדי תּמיד)“, לט1, י/א.
אָנדאַכטן — אוטוו. דאַכט אָן, ~געדאַכט.
דערמאָנען, ריידן וועגן עפּעס אָדער עמעצן.
אויך: אויסטראַכטן וועגן עמעצן. „אין די צײַט
וואָס עס פֿאַרזאַמלען זיך מערערע ווײַבער
צוזאַמען, שטאָטס פֿון אַנדערע מענטשן
אָנצו— ...
דאַכטן;... בעסער אין די צײַט עוסק צו זײַן
אין זאָלכע רייד וואָס מע קאָן פֿון זיי אַ נוצן
האָבן“, ר, יצחק האַמבורגער,)יח יצחק,
קראָקע 1882 [איבּז פֿון פּלא יועץ].
אָנדאַכן — טרוו. דאַך אָן, ~געדאַכט.
באַדעקן, לייגן אַ דאַך. אָ, דעם בנין.
אָנדאָלבען — טרוו. ־בע אָן, ~געדאָלבעט.
אָנהאַקן מיט אַ דלאָטע. אָ, לעכלעך אין קאָרע,
אין אַ בלעך. רגל אויסדאָלבען ←, 210.
אָנדאָלי'ט — דער, ־ן. סטוטש. אויך:
אָדאָנאָליט. פֿאַרשטיינערטער צאָן.

אָנדאַמפּן

אָנדאַמפּן — טרוו. דאַמפּ אָן, ~געדאַמפּט. פּפֿ:

~דאַמפֿן. דורכנעמען, אָנזאַפּן מיט דאַמף.
אָ, די שטיק סחורה. אָ, די בּאָד.

אַנדאַנט□ע — אַדוו & סובֿ. < איי < איט.
(מוזט) אין אַ געמעסיקטן טעמפּאָ, צום טאַקט
פֿון אַ נאָרמאַלן גאַנג. „און ס'שפּילט אַ סאָלאָ
אויס דער בּרוסטקאַסטן: 'אַנדאַנטע',„ עק.
־ינאָ — אַ בּיסל געשווינדער ווי אַנדאַנטע.
אָן דאַנק — דזוו איבּער — דאַנק, ← 912.
„ער מוישׂט היידינשי שפּרעכן און זײַנן דנק“,
כּ“י 'מגילה־ליד, [אין בּאָדלעאַנאַ].

אָנדאַנקען — אוטוו. דאַנק אָן, □.־,געדאַנקט.
דאַנקען אַ סך און מיט (הכנעה־)געפֿיל. אָ, און
אָנווינטשן פֿאַר דעם טובהלע. אָ אַ פֿולן קאָפּ

,

(אַ פֿול היטל, אַ פֿולן ספּאָדיק). ־עכ□ן.
־עניש.
אָן דאָס אַנשטאָט אָן דעם. אויך אַדווערבּיאַל

מיטן בּ: סײַווי. „דער בּעל־בּית וועט זיך
גאָרניט אומקוקן, ער גייט דאָך אָן ד, טאָג און
נאַכט אַלץ אינאיינעם אַרום סאַרטראַכט“, עט,
-

סערקעלע.
אָנדאָסן — אוטוו & טרוו דאָס אָן, ~געדאָסט.
1. (גראָב) אויסשיידן, אַרויסברענגען צואה.
אָ, אין בעט. אָ, אין מיטן מאַרק. *אָ, אין די
הויזן = אויך: זיך דערשרעקן. זיך פֿאַרלירן.
*ער האָט אים (איר) אָנגעדאָסט אין (די)
קרויט = האָט אים (איר) ניט געבראַכט קיין
גרויסן שאָדן; האָט ניט געטאָן קיין שלעכטס.
2. אָנחזירן. אָנשמוצן. אָנוואַרפֿן. "האָט דאָ
אָנגעדאָסט ווי אין אַ חזיר־שטאַל„. אָ, מע זאָל
אַזש ניט קענען אַרומראַמען. „ביי איר אין קיך
איז שטענדיק אָנגעדאָסט".
3. קאַליע מאַכן. „האָט צענומען די מאַשין,
האָט אָנגעדאָסט און געלאָזן אַלע טיילן ליגן".
4. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס שלעכט, ווי
אַ קאַליקע. אָ אַן אַרטיקל.

,

5. (אומאיידל) אָפּנאַרן; אָפּשווינדלען.
אָנזעצן. אָ, די בעלי־חובֿות. אַז ס'קומט צום
דעקן דאָסט מען אָן. אָ, אין היטל אַריין =
אינגאַנצן אָפּנאַרן. „האָט נחום דער רופֿא
אָנגעדאָסט דעם פּאָרפֿאָלק אין אַ גאַנצן
הונדערטער", ייִפֿאָל, 6 .35 1887, No.
וואוילערונגעריש. איגנאָרירן. זיך ניט רעכענען מיט

יענעמס מיינונג. „דאָס זיי אָן, זיי ווייסן זייער.

-

פֿרעג זיי ווער עס האָט זיי באַמאַכט“. אויך:
מיט ז י ך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אָנדאָפּטשען — טרוו ־טשע אָן, ׳.,
גענדאָפּ.
טשעט. פּפֿ: ~טאָפּטשען. 1. אָנטרעטן,
אָנטראָגן שמוץ, בלאָטע. אָ, מיט די שטיוואַלעס
אויפֿן טעפּעך. 2. צעטרעטן, אָנטראַמפּלען.
אָ, אין גאָרטן. 3. שטײַף אָנפּאַקן. אָנשטאָפּן.
אײַנטרעמאָשען. אָ, דעם שטרויזאַק. אָ, דעם
סונדוק און צומאַכן. „אַזוי פֿלעגן די בעלי־עגלות
אָ אַזעלכע פֿערצן פֿופֿצן פּאַרשוינען... [אין
דער בויד]“, ש. אירים, אָט אַזוי האָט מען
געשפּילט טעאַטער, ב“א 1956. 4. אָנהרגענען.

אָנשלאָגן. אָ, עמעצן די ביינער, די זײַטן.
־עכץ, ל2. ־עניש.

אָנדאָפּלען — טרוו. ־פּל אָן, ~געדאָפּלט.
פֿאַרצוו סאַכן אין עטלעכע פֿאַלן. אָ, דעם
יי׳—
קרעדיט אין די בענק. אָ, סחורה אויף די
פֿאָליצעס. אָפּטער: ,טאָפּלען.
אָנדאָקטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געדאָקטערט.
איר. אַ לענגערע צײַט באַהאַנדלען אַ חולה און
פֿאַרערגערן זײַן מצבֿ. ״דאָס דאָקטערל האָט
אים אָנגעדאָקטערט אַ גאַנץ וואַזשנע חולאת,,.
אָ, דעם קראַנקן אַ לונגען־פֿעלער. מיט ז י ך.
אָן(') דאָרטן — אַדוו (מיט אַן אָנווײַז פֿון
פֿינגער). דאָרטן (זעסט?). אויף אָט דעם אָרט.
,,אָן ד, שטייט דאָך דער בעזעס".
אָנדאַרן — דאַר אָן, ~געדאַרט. אוטוו —
אָנהייבן דאַרן. אָ, ב אַ שווערער קראַנקייט.
י
טרוו — אָנטריקענען, אויסטריקענען. אָ, ברויט
אויף מיטצונעמען אין וועג אַרײַן. אָ,
סוכאַרעס. ־עניש.
אַנדאָ'רעק — דער, ־רקעס.]] :a] ..
פּפֿ: אַנדאַראַ'ק. וורר, אוקר. וואָלן
ווײַבעריש רעקל אָדער קליידל אין פֿאַרביקע פּאַסן.
אַן אַ, טראָגט מען מיט אַ בלוזקע. אַן אַ, האָט

געווײַנלעך אויסגעשטיקטע בלימעלעך. „צו פֿיל שפּיגלען זיך פּאָלעסישע מיידלעך... מיט די בעסטע אַנדאַראַקעם האָבן זיי זיך אָנגעפֿרענדעט", מאָטיע דעכטיאַר, בויער, מינסק 1936. „איר אַ, איז געל־רויטלעך, אירע האָר זײַנען ליכטיק", אי. קיפּניס, סאָוו, היימלאַנד, 1968, No . .

אָנדאָרשטן, ~דאַרשטן — טרוו. ־רשט אָן, ~געדאָרשט, ־דאַרשט. [פֿפּ: י.,דורשטן, נר.] מיט אַ כיוון ניט געבן (עמעצן) צו טרינקען וואַסער. דערפֿירן עמעצן צו אַ מצבֿ פֿון דאָרשט. אָ, ד אַרעסטאַנטן ווי אַ שטראָף. אָ, די ׳

הינער.

אָנדברן — [... דאַבערן] טרוו. דבר אָן, ~ געדברט. 1. (אָנ)רעדן, באַרעדן מיט דער כוונה קאַליע צו מאַכן. אָ, אויף דער שכנטע רכילות. אָ, אויף דעם שותּף וואָס אין דער קאָרט שטייט. 2. אַ סך רעדן; מאָלן מיט דער צונג. אָנפּלאַפּלען. אָ, נאַרישקייטן. אָ, אַ פֿולן קאָפּ. *אָ, פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער. „וואָס ער האָט דאָ אָנגעדברט!". 3. (אונטער)מסרן. אָ, אין ,קאַזנאַ, אויף דעם קאָנקורענט. מיט

ז י ך.

אָנדודלען — טרוו. דדדל אָן, ~געדודלט. 1. אַ לענגערע צײַט שפּילן אויף אַ פּײַפֿל, דודע. אָ, אויף דעם פּײַפֿיאָל אַזאַ 'סימפֿאָניע', די שכנים זאָלן אָנהייבן צו קלאַפּן אין וואַנט. 2. מאַכן

פֿון עמעצן חוזק. מאַכן צום נאַר. אויסלאַכן. ביסקאָ ווב, סטראק ווב 3. אָנפּאַטשקען, אָנצייכענען שטריכע עך .גורן, גלאַט אַזוי

,

(אָן אַ כוונה, אָן אַ באַטײַט). אָ, שטריכעלעך, מענטשעלעך. ־עכץ.

אָנדויבען — טרוו. ־בע אָן, ~געדויבעט.

m,]o5 ;: <. פּאָד, מג אָנקריגן אַ סך.

אָנאָנדונערן

שטאָפּן, אָנפּאַקן. אָ אַ סך סחורות אין אַ גע,

וועלבל. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָנד יען — טרוו. דויע אָן, ~געדויעט. סל.

1. אָנבלאָזן. אָנפּאָמפּען. אָ, די רעדער פֿון וועלאָסיפּעד. אָ, דעם פֿוטבאָל, דעם באַלאָן.

2. וואויליונגעריש. אָפּנאַרן; אָנזעצן. ניט
אָפּגעבן קיין חובֿ. אָ, דעם קרעמער עטלעכע
זלאָטעס. ‟ער האָט אים אָנגעדפּיעט אַ שיינע
עטלעכע טויזנט קערבלעך‟. ,,וויַזט
כראַבראָסטן ווי מע האָט היַנט יענעם אָנגעדוּיעט‟,
טויבע סעגאַל, עולם המעו)ה, וואַרשע 1883.
אָנד ‏יען זיך — אוטוו. ← דפּוו. אָנבּרוֹגזן
זיך. ווערן ברוֹגז. אָנבּלאָזן זיך. זיך אָ, איבער
גאָרנישט מיט נישט. ,,זי האָט זיך אָנגעדפּיעט
ווי אַן אינדיטשקע און אויפֿגעהערט רעדן מיט
אים‟. ,,האָט פֿאַרדרייט דאָס נעזעלע, זיך
אָנגעדוּיעט און געוואָרפֿן בייזע בליקן אַרום זיך‟.
,,אָבער איר, טיַערע לעזער, וואָס איז מיט איַך
די מעשׂה? וואָס האָט איר... אויך אָנגעהויבן
זיך אָ, אויפֿן זשאַרגאָן?‟, [מ. דלוגאַטש], דער
לאכידיגער ווערטיל־זאָגער, לעמבערג 1883.
אָנדוכנען — [... דו'כענען] טרוו ־כן אָן,
.
~געדוכנט. שפּאַסיק. אָנשעלטן,
אַרויסברענגען אַ סך קללות [היפּוך פֿון ב: ביַים דוכנען
בענטשן די כּהנים.]
אָנדולIירן — טרוו. ־ליר, אָנדולירט. < איי
< ל. מאַכן קריַזלדיק, כוואַליעדיק. לאָזן
אָ, די האָר. ‟איך אָנדוליר און מאַך פֿון אַלט

יונג,,, בּ. רעסלער, אַמעריקאַנער, 28 ▯ 1957 I,
,,עס אָנדולירט מײַן פֿלינקע האַנט האָר פֿון
מיידלעך און פֿון פֿרויען גראָע,,, נחוס בּאָמזע,
בּאָרוועסע טריט, וואַרשע 1936. ,,אַנדערע ווידער
זײַנען געלאָפֿן צו די פֿריזירער די האָר צו אָ',,,
ש שטראַום־מאַרקאָ געווען אַמאָל אַ שטעטל,
וואַרשע 1965. אויך מיט ז י ך ־אַציע

.

— ,,דער בּאַגריף וועגן קאָסמעטיק האָט זיך
בּאַשרענקט מיט פּודער, מאַניקיור, אָ אַציע

,

אדג״ל,,, פֿגעז, ווילנע 11 1929, No. ־ירונג.
אָנדולן — טרוו. דול אָן, ~געדולט.
אָנטומלען. אָנפּויקן. אָנרעשן. מאַכן עמעצן דול מיט
רייד, געשרייען. דערקוטשען מיט רייד. ,,איך
האָבּ דיר אַזוי פֿיל אין דעם בּריוו דײַן קאָפּ
אָנגעדולט, און האָבּ דיר כּמעט גאָרניט
דערציילט״, יד, אבֿן נגף. ,,אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט
זייערע בּויך־סבֿרות״, ממוס, אַ סגולה....
״לע״ע אָבּער האָבּ איך אָנגעדולט אַ פֿולן
ספּאָדיק מיט פּוסטע זאַכן״, מ. דלוגאַטש, קמ, 1870,
No 48. ״אָ, דעם קאָפּ מיט דײַנע נאַרישקייטן״,
קול יעקבֿ, לובּלין 1874. אויך מיט ז י ך.
־עניש.

אָנדונערדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
דונער. אָ'ע בליצן.

אָנדונערן — אוטוו. ־ער אָן, ...,,געדונערט.
1. דריטפּערזאָניק. מיטאַמאָל, פּלוצעם אָנהייבן
דונערן. אויסדונערן. ס'האָט אָנגעדונערט,
אָנגעבליצט און ס'איז אַרויס אַ רעגן. 2.
דונערן אַ לענגערע צײַט. ,,וויפֿל עס האָט
אָנגעבליצט און אָנגעדונערט אין דעם נעכטיקן

אָנדורען

פֿאַרנאַכט“. 3 פֿיג. (אָנ)שרײַען, (אָנ)רעווען
- —
מיט אַ שטאַרקער, דונערדיקער שטים. אָ, אויף
די זעלנער אַנשטאָט אַ קאָמאַנדע. אויף די
אַרבעטער.

אָנדורען — טרוו. ־רע אָן, ~געדורעט. סל
דערקוטשען (עמעצן) מיט אַ סך רייד. אָנדולן.
אָנפּלאַפּלען פֿאַרקלאַפּן, צעחושן מיט רייד. אָ,

א (פֿולן) קאָפּ. אָ אַ מוח. ,,מע האָט אונדז
,

אַזוי פֿיל אָנגעשראָקן, אַזוי פֿיל אָנגעדורעט
די קאָפּ“, יעקבֿ סאָטמאַן, עבֿרי אנכי,
באַרדיטשעוו 1901.
אָנדושען — טרוו ־שע אָן, ~געדושעט. סל
.
1. שטיקן, ווערגן, דריקן עמעצן. „האָט אים
אָנגעכאַפּט בײַם האַלדז, אים גוט אָנגעטרייסלט,
אָנגעדושעט און אַ האַלב־טויטן אָפּגעלאָזן“.
פֿיג. אָ, די אַרבעטער זיי זאָלן ניט קענען אוי־
הייבן דעם קאָפּ. 2. אָנשמערגלען, אָנטושען,
אָנדעמפֿן. אָ, פֿלייש. 3. סל. באַשפּריצן מיט
פֿאַרפֿ(י)ום. מיט ז י ך — אָ, זיך עס זאָל
צערײַסן די נאָז, עס זאָל שמעקן פֿאַר אַ מײַל.
־עכן.
אָנדזשאָבען — טרוו ־בע אָן, ~געדזשאָבעט.
.
פּ: ~שטשאָבען. פֿאַרטאַטשיש, שלעכט,
אויף דער גיך אָננייען (אָנשטריקן, אָנהעקלען),
אַרויפֿנייען עפּעס. אָ, מיט קרומע שטעך דעם
קאָלנער. אָ, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אָנדזשובּען — טרוו ־בּע אָן, ~געדזשובּעט
.
אריך: ~דזיובּען, ~דזיאָבּען. 1.
אָנפּיקן, אָנקלאַפּן. מיט אַ שנאָבּל געבּן אַ פּיק,
אַ לײַכטן קלאַפּ. „די טויבּ האָט אָנגעדזשובּעט
אין פֿענצטער“. 2. אָנקרישלען, אָנבּרעקלען.
אָנדריבּלען. אָ, בּרעקלעך כּרויט פֿאַר די הינער.
3. אײַנבּײַסן, אָנבּײַסן אַ צאָל זאַכן מיט אַ
קליינעם בּיס און עס איבּערלאָזן. אָ, אַלע עפּל
פֿון קערבּל. אָ אַלע בּרויטלעך. 4 פֿיג
, .
בּײַסן, שטעכעלירן. אַרײַנזאָגן. איבּערווערטלען
זיך. אָ, עמעצנס כּבֿוד, האָנאָר.
מיט ז י ך — „שוויגער און שנור האָבּן זיך
אָנגעדזשובּעט ווי צוויי הענער“.
אָנדזשוויגען זיך — אוטוו. ־גע זיך אָן, זיך
געדזשוויגעט. פּר. a i י]): <. אַ
לענגערע צײַט אַרבּעטן בּײַם (איבּער)שלעפּן, הייבּן,
טאַסקען שווערע פּעק, משׂא אע פֿון איין אָרט
אויף אַ צווייטן. אָנהאָרעווען זיך. אָ, זיך אַ
טאָג בּײַם אויסלאָדן דעם וואַגאָן אײַזן.
אַנדזשיבּוס . — דער. מצ נבּ. <?
אויסוואָרף. זידלוואָרט פֿאַר די אויפֿשטענדלערס אין

וואַרשעווער געטאָ. לויט ק. צעטניק, סלמנדרה, תּ אָ תּש״ז, ז, 285.

״
אָנדזשירקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~
גע.
דזשירקעוועט. וורר. אָנמאַכן פֿאַלדן. מאַכן
מיט אַ קלאָש. אָ, דאָס חתונה־קלייד.
אַנדיוו(ע) — די, ־ן. אויך: ענדיווע. (באָט)
געוויקס פֿון דער ציקאָריע־משפּחה. ספּעצ, דער
מין וואָס זײַנע בלעטער ווערן געניצט פֿאַר
סאַלאַט. אין פֿאָלקס־מעדיצין איז אַ אַ
באַ,
שטאַנדטייל פֿאַר אַ צאָל רפֿואות. ״נעם איין
האַלב לויט (רע באַרבּרי) און, ווייק עז אין

1436

(אַנדיבֿא) וואַשׂיר און ווײַן, איטליכשׂ דרײַא
לויט...,,,, סור, כו/ב. livia) e um] ho(i( ).
אָנדײַט — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנדײַטן.
-
אַ דינער אָ'. 2. אָנצוהערעניש. אָנוואונק.
רמז פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ
״ .

וואָרט, אַן אָ'״, מ. דלוזשנאָווסקי פּאַש, 2 1953 I.

,

״איך שטויס זיך אָן אין דער פּראָבּלעם פֿון
ייִדישן אומעטום פֿון ייִדישן קרעכץ פֿון דער

, ,

ייִדישער אָנצוהערעניש, דעם אָ, — וואָס די
העבּרעאישע שפּראַך איז נאָך בּיז הײַנט ניט

.ן שטאַנד אויסצודריקן״, ש. ראָזענפֿעלד [ציט
שלאָנסקין], פּאָר, 10 1961 XII. „און איך זוך
כאָטש אַן אָ, פֿון אַ קלאַנג, זאָל זײַן אַ שוואַכן״,
הל, אין טרעבּלינקע.... ״און טאָג איז
בּילדערבּוך — נישטאָ קיין ענטפֿער דאָרט פֿאַר

.
דעם דערוואַקסענעם אַפֿילו, ניט דער אָ, פֿון אַ
וואָרט״, מלה, 'דאָס ליד האָב איך....
3. פּרוּוו פֿון אַ בּאַוויַיז. אָנוויַיז. „הינט האָבּן
די קראַפֿט צו זען אומזעבּאַרע שדים און
רוחות און זייער בּילן איז געווען אַן אָ'״, פּאָר,
.I 19(4 9
־ונג — „אַן דײַטונג, קונד נאָטיפֿיקציא״,
יוסף מאַרשן חנוך לנער פֿיורדא תּקל„ד. „די

,

סאָציאַלע אָ, וועגן דער קראַפֿט, וועגן דעם

מענטשן", י. דאָבּרושין, ד. בּערגעלסאָן. ,,קען
מען דערהערן דאָ אַן אָ', אַז ס'ווערט דאָ
אָנגעזאָגט די גרויסע, להזהיר גדולים, אַז זיי...",
דר, ה. זײַדמאַן, טמד, 20 1956 □I.
אָנדײַטן — אוטוו & טרוו. דײַט אָן, ~
געַ□־
דײַט. פּפּ: ~טײַטן. Mhd: an־□iu□e□n,
־
.1 אָנווײַזן. אונטערשטרײַכן. □iu□en־.
אַרויסבּרענגען. מאַכן אויפֿמערקזאַם. אָ, די גרײַזן,
די טעותים. אָ, א ו י ף דער סיבּה, אויף דעם
שווערן מצבֿ פֿון.... אָ, אויף די פּראָבּלעמען.
אָ, אויף דער וויבטיקייט פֿון דער אַרבּעט.
"דען עולם אַן צו דײַטין בּחרם יהושע בּן נון
ובּחרם פּנחס...,,, ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת
שלמה□ אַמשט תּק,,ד. "מײַנה ווירדיגה ליבּה
שריפֿטליך אַן צו דײַטן...", מאַרשן, לשון
זהבֿ, אַמשט תצ"ד. ,,אפֿשר איז געווען אַ
געוויסער גרונט פֿאַר דעם, ווי [ע□] וויל אָ',,, בּצג,
טמז, 4□)19 II □ו 19.
.2 אָנווינקען. געבּן אָנצוהערן. מרמז זײַן.
אָ, דעם חתן וואָס פֿאַר אַ גליקן עס דערוואַרט
אים. ,,איז זי... מרומז אין דעם אות ה"א...

וואָס באַווײַזט און דײַט אָן אויף דער
אויסברייטונג פֿון... דעם פֿאַרשטאַנד“, תּניא, 386.
„איך קום דאָ בלויז רמזים אָנצודײַטן, נישט
אויסשרײַען דעם שוידער מיטאַמאָל“, סעג,
איצטער. 3. אָנווײַזן אויף עמעצן. באַצייכענען.
דערקענען. אָ, מיטן פֿינגער אויף דעם
שולדיקן. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
אָנדיימען — טרוו. ־מ(ע) אָן, ~געדיימ(ע)ט.
□lyma) □י: □ <. (שנײַדעריש) אָנפֿוישן,
אָנבלאָזן. מאַכן צו ברייט. „האָסט צו פֿיל
אָנגעדיימ(ע)ט די קעשענע, אויסגעצויגן ס'
לײַסטל“.
אָן דיין שאָדן פֿראַזע. פּר, אוקר.
גע— —
ניצט וו אַ וואונטש אָדער ווי אַ ברכה אין אַ
,

אָנדינגען

ווענדונג צו עמעצן וואָס עס גייט אים גוט, און
ווי אַ פֿאַרזיכערונג, אַז מען איז אים ניט מקנא.
“איך ווינטש מיר אָן ד, ש, דעם נחת □ון
קינדער און קינדס קינדער“. “איך ווינטש מיר
אָן ד, ש, דײַן עלטער און דײַן אויפֿפֿירונג אין

דער וועלט", מסדר אגרת אָדער איין נײַער
בריפֿשטעללער, וואַרשע 1858 פֿרגל: אָן זײַן
—
.
שאָדן.
אָנדיכטן — טרוו. דיכט אָן, ~געדיכט.
געוויינטלעך איר. (אָנ)שאַפֿן, (אָנ)שרײַבן אַ סך
(שלעכטע) לידער. אָ, אַ פֿולן שופֿלאָד מיט
ווערק(ע).
אָנדיכען — טרוו. ־כע אָן, ~געדיכעט. פֿפֿ:
~דעכען. אַרויסברענגען מיטן אָטעם לופֿט
און אַ בלאָז טאָן, אויסאָטעמען אויף עפּעס.
אָנאָטעמען. אָנהויכן. אָ, אויף די ברילן און
זיי אויסווישן. אָ, אויפֿן פֿאַרפֿרוירענעם
פֿענצטער.
אָנדיליק — אַדי. וואָס איז אָן אַ דיל,
פּאָדלאָגע. „געשטאַנען אין מיטן פֿונעם קליינעם,
אָ'ן צימער", י. ריוועס, אין טעג פֿונ
פֿאַרגרייטונג, מינסק 1936.
אָנדינג — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנדינגען. אָ,
פֿון אַרבעטער. אָ, פֿון דירות ־ונג — "אַ

באַקוועם צימער גיט זיך אַרויס אין אָ, פֿאַר זייער אַ ביליקן פּרײַז", ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערס טאָכטער, ווילנע 1888.
אָנדינגען — טרון. דינג אָן, ~געדונגען.
1. אָנשטעלן, באַשעפֿטיקן עמעצן פֿאַר אַ לוין אויף (צו) דורכצופֿירן אַ געוויסע אַרבעט אָדער פֿונקציע. אָ, טויזנטער אַרבעטער אויסצוהאַקן די וועלדער. אָ אַ שמײַסער צו די

,

פֿערד, צום פֿאַיעטאָן. אָ אַ דינסט. אָ אַ מיידל

, ,

פֿאַר א דינסט. אָ אַ קדיש. אָ, עטלעכע ייִדן צו

,

-

זאָגן תּהילים. אָ, עמעצן צו לערנען אַ פּרק משניות. "אין אַ שול פֿון טויזנטער ייִדן, מוז מען אָ, אייניקע מנין לײַט וואָס זאָלן דאַוונען פֿאַר דעם כּלל ישׂראל", שמו פּלאי, ספֿר האמת והשלום, לעמבערג 1893. "זיי האָבן געגוואַלדעוועט און געברומט, ווי מע וואָלט זיי אָנגעדונגען", מלה, ,די באַלאַדע פֿון קאַשטאַכאַן'.

2. אַוועקגעבן, אַרײַנגעבן עמעצן צו לערנען, צו שטודירן (אין אַ חדר, הויכשול, יעדער מין לערן־אַנשטאַלט) און צאָלן פֿאַר דעם. "דער טאַטע האָט אָנגעדונגען מײַן דרײַ־יאָריקן ברודערל צו שלמה־יונהן אין חדר". "די פֿרומי ערליכי בעלי־בתּים דיא ניט קענן תּורה לערנן... העלפֿן דערצו דאז זיא יונגן אָנדינגן צו לערנן", לט, מו/א. „אבֿר נאָך יי"ט אי„ה ווערט [מיר דער] אונקל אין איין שול אַן דינגן אום מײַן לימוד פֿאָרט צו זעצן", י. מאַרשן חנוך לנער פֿיורדא 1774. "מע זאָל אָ, די קינדער

,

בּ אַ מלמד אַ ירא־שמים", ספֿר מקור הבּרכה

,

II, מונקאַטש תּרנ"ח. „איך גיי שוין אָ, בּלי נדר מײַן ייִנגל אי"ה בּײַ אים... בּין מקבּל אויף מיר זיך ניט צו דינגען מיט אים„, ססי I.

3. ספּעצ אָפּגעבן עמעצן (צו אַ בעל־מלאָכה) כּדי (אויסצו)לערנען אַ מלאָכה. אָ, דאָס יתומל צו בּרוך דעם [אַלגע, דעם שנײַדער. אָ, אַ

אָנדינגען זיך

ייִנגל אויף דער לער. „טאַטע־מאַמע... האָבן
אים, אייביִן, צו צוועלף יאָר שוין אָנגעדונגען
פֿאַרן בלויזן עסן„, אָפּאַ, די טענצערין.
4. באַשטעלן בײַ עמעצן אַן אָרט צום שלאָפֿן
מיט (אָדער אָן) עסן. אָ, דעם סטודענט צו
שלאָפֿן צוזאַמען מיט דעם זון פֿון בעל־הבית
און מיט צוויי מאָלצײַטן אַ טאָג. „די ערגשׂטי
בלעט טוט מן אונז אויף צווינגין / אודר גאַר
בײַא משה גאַשׂט אַן דינגין“, ,בחורים־ליד',
פּפּמ 1750 [ייִבל XIII]. „האָט [דעם חתן] דער
מחותּן אָנגעדונגען בײַם ראָש־ישיבֿה, ער זאָל
נישט דאַרפֿן צו עסן 'טעג', נאָר זיצן און
לערנען און עסן בײַם ראָש־ישיבֿה אין שטוב“,
שטעון האָראָנטשיק ◻ 'גאָטס משפּט'. 5.
פֿאַרדינגען. אויסלײַען, אויסבאָרגן אויף אַ
געוויסער צײַט. נעמען אויף ניצגעלט, אויף פּראָקאַט.
אָ, אַ דירה. אָ, אַ חתונה־קלייד. אָ, אַ שטייסל
צו שטויסן מצה.
אָנדינגען זיך — ← דפֿוו. 1. זיך
פֿאַרדינגען, זיך אָנבאָטן, זיך שטעלן, אָנקומען
אויף אַ שטעל. זיך אָ, פֿאַר אַ משרת בײַם
גבֿיר פֿון שטעטל. זיך אָ, פֿאַר אַ משורר בײַם
חזן. זיך אָ, צו טאָן סעזאָן־אַרבעט. „אָ, זיך
אויף טאָג־אַרבעט צײַטווײַליק פֿלעגן בלויז

איינצלנע פּראָדוצירער“ א. קאַנטאָר איבּז, וו. קאַרפּינסקי, שמועסן וועגן לעניניזם, מאָסקווע 1934. „די צוויי פֿרעמדע וואָס האָבּן זיך אָנגעדונגען איבּערלייגן די כאַטע“, י. בּריל, סאָוו, היימלאַנד, 5 1962, No.

2. דזוו אָנדינגען, בּ4. “טײַערע רייזעלע, רייזעלע־לעבּן, צי האָבּ איך דיך אַפֿילו געוואָלט קענען? איך האָבּ מיר בּײַ דײַן טאַטן קעסט אָנגעדונגען, האָסטו געזאָגט, איך זאָל דיך נעמען“ פֿל. „דא איז גיקומין צו אונז

,

איין גאַסט... און האָט זיך אַן גדינקט בּײַא אונז עשׂן„, 'שו“ת בּ„ח', פּדמ 1797 [הש I]. „איז ער געגאַנגען צו אַ גבֿיר און האָט זיך אָנגעדונגען קעסט„, נחבּ, מעשׂה מאַ ידת בּת מלך'. „און ווי וועט ער זיך דאָס אָ, אין שטאָט פֿאַר עסן, עס וועט דאָך קאָסטן אַן אוצר“, מסדר אגרת, ווילנא והוראדנא, תּקפּ“ה.

3. גאַליציע, פּר. אָנטשעפּען זיך. אײַנעסן זיך. אָנהענגען זיך. „איז פֿאַרוואָס זשע האָסטו זיך אין מיר אַזוי אָנגעדונגען?„, העשעלעס. פֿאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי אָנגעדונגען אין

-

גדליה און רק מע זוכט חסרונות אויף אים?„„
בּ. רעסלער, איק, ר„ה תּשי„ח. ־עכץ. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.
אָנדינען — [קורצע י אין פּד] דזוו
אויסדינען II ◻.„ 212.
אָנדינען (זיך) — [לאַנגע י אין פּ◻] אוטוו.
דין (זיך) אָן, (זיך) „י.,געדינט. דינען,
אַרבּעטן אַ לענגערע צײַט (בּײַ אַ צאָל). אָ, זיך אַ
לעבּן־לאַנג בּײַ דער זעלבּער בּעל־הבּיתטע. אָ,
זיך בּיזן גרויען צאָפּ אַרײַן. „איך האָבּ גענוג
אים אָנגעדינט, שוין צײַט פֿטור צו ווערן פֿון
אים“.

1487

אָנדיס — די. בּמ. אַמ. 1 .>◻:un◻ies.
ווײַבּערשע קורצע אונטער־הײַזלעך. 2.
קינדערשע אונטערוועש. סטוטש.
אָנדיסציפּלינירן — טרוו ־ניר אָן, ~
דיס.
ציפּלינירט. 1. אײַנפֿירן, אַרויפֿצווינגען,
אָנווענדן שטרענגע דיסציפּלין. אָ, די אַרבּעטער
זיי זאָלן טאָן פּינקטלעך די אַרבּעט. אָ, די

קינדער. 2. באַשטראָפֿן. אָ, די אַרעסטאַנטן
פֿאַר ברעכן די רעגולאַציעס. אָ, די

באַפֿעלקע

□

רונג פֿון דער אָקופּירטער שטאָט. מיט ז י ך.
־דנג.
אָנדיפּלאָמאַטעווען — טרוו. ־טעווע אָן,
~געדיפּלאָמאַטעוועט. איר. שלימזלדיק פֿירן
דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען און גאָרניט
פּועלן; פֿאַרשאַרפֿן, פֿאַרערגערן באַציאונגען.
אָ, אַ נײַעם קאָנפֿליקט.
אָנדיקטירן — טרוו ־טיר אָן, ~(גע)דיקטירט.
.
1. הייסן (זאָגן) עמעצן צו שרײַבן. דיקטירן.
אָ, אַ וויכטיקן בריוו. „האָב איך דער מוטער
אָנגעדיקטירט די טעלעגראַמע אויף דער
קייזערינס נאָמען„, י. א. לייזעראָוויטש, פֿאַרלאָפֿענע
שאָטנס, פּאַריז, יאָר? 2. דיקטירן אַ סך.
אָ, צענדליקער בריוו און צירקולאַרן. 3.
פֿאַראָרדענען. שטרענג אָנזאָגן. אָנבאַפֿעלן. אָ, די
אָנגעשטעלטע, זיי זאָלן ציטערן אַ פּיפּס צו
טאָן.
אָנדיקטעווען — דזוו דפּוו (נאָר מיט ביטול).

אָן דיר — פּרעפּ פֿראַזע. אַרכ. לויט דיר, לויט דײַנע רייד. ״זײַן גיבּוט הון איו צו בּרוכן בֿור שטיא איך וואַל אַן דיר. איך וויל איין אופֿפֿר בּרענגן שמואל גע מיט מיר,,, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 273.

אָן דיר און אָן האָפּן פֿראַזע. איר.

----▯

געניצט מיטן בּ: מע וועט זיך זייער גוט בּאַגיין אָן דיר (געזאָגט צו עמעצן וואָס מאַכט זיך זייער וויכטיק, האַלט זיך חשובֿער, בּעסער, העכער פֿון אַנדערע). ,,וואָס בּלאָזסטו פֿון זיך אַזוי? אָן ד, א, אָן ה, וועט אפֿשר די חתונה נישט קענען זײַן?״, ייִשפּ 6 — 3, ▯I

[חתונה אין זינען פֿון יעדער געשעעניש, אָבער חתונה בּינדט זיו מיט האָפֿן אויף צו בּאַשיטן דעם חתן]. איבּער אַסאָציאַציע מיט האָפּן איז אויך געוואָרן: אָן בּיר און אָן האָפֿן.

אָנדיריגירן — טרוו. ־גיר אָן, ~דיריגירט.

1. שלעכט דיריגירן. אָ, די קאַפֿעליע, דער עולם אויף דער חתונה זאָל אײַנשלאָפֿן.

2. אָרגאַניזירן, אָנפֿירן עפּעס. אָ, דעם פּראָטעסט־מאַרש. אָ, די גאַנצע אַרבּעט. ־ונג.

אָנדישען — טרוו ־שע אָן, ~געדישעט.

.

1. דזוו אָנדושען ←. 2. דזוו אָנדיכען ←.
3. (לאָקל, סאָניק) אײַנשטילן. אײַננעמען.
אונטערדריקן. ״אָ, דאָס קינד, עס זאָל ניט וויינען״.
פֿיג. אָ, דאָס פֿײַער, עס זאָל זיך ניט
פֿאַרשפּרייטן. אויך מיט ז י ך.

~דליבען, ~דלויבען. (אָנ)קנײַפּן, (אָנ)־
אָנדלובען — טרוו. ־בע אָן, י.,געדלובעט. פּפּ:

ברעקלען. (אויס)קאַלופּען (פֿון) עפּעס מיט די
פֿינגער. אָ, ברויט. אָ, טייג. אָ, די נאָז, בלוט

אָנדענק

זאָל אָנהייבן גיין. ,,וויניק קוילן אָנגעדלויבעט
הײַנט?,,, ע פֿינינבערג איבז, א. אַוודייענקאָ,
.
איך האָב ליב מאָסקווע 1935. ־עכץ.
־עניש.
אָנדלפֿנען — [... דאַ'לפֿענען] דלפֿז אָן, ~
געדלפֿנט. טרוו — צונויפֿנעמען אויף
אויסקומעניש דורך שנאָר(ע)ן, דורך דערנידעריקן זיך.
אָנבעטלען. אָ, אַ קניפּל און עס איבערלאָזן
פֿאַר 'קאַזנאַ'. אוטוו — אַ לענגערע צײַט זײַן

אַ דלפֿן, אַן אָרעמאַן. אָ אַ לעבן־לאַנג.

,

אָנדמיונען — [... די'מיענען] דזוו

אויסדמיונען ..., 213.

אַנדן — גנ. גרויסע באַרגקייט (7,500 ק"מ לאַנג) אין מערבֿ פֿון דרום אַמעריקע. ציט זיך

-

פֿון צפֿון־קאָלאָמבּ אַ און ווענעזועלאַ ביזן קאַפּ

,

האָרן. ,,אַ סוד אין די אַ, איז תּמיד דאָס וועטער", מ. ד. גיסער.

אָנדנאָ איק — אַדי. נעאַל. וואָס האָט ניט קיין דנאָ. וואָס איז אָן אַ סוף. אומאויסשעפּיק. אָ'ע יסורים. "צעהויקערטע אָ'ע עטאַזשן", לע, 'נסיעה קיין סדום'. ־איש — נעאָל, ש. ביקל, 1936. ,,[אליעזר שטיינבאַרג] איז אין זײַן שפּראַך ברייטלײַוונטיק און אָ, ווי שלום־עליבם", ש. ביקל, רומעניע. ־ענדיק — נעאָל, לע. אָ'ער אוניווערס.

אָנדעבאַטירן — אוטוו & טרוו ־טיר אָן,

.

~(גע)דעבאַטירט. אַ סך דעבאַטירן. אַ לענגערע צײַט דיסקוטירן און זיך צו גאָרניט

דעררײדן. אָ, און בלײַבן (בײַם אַלטן) װאו מע האָט אָנגעהױ ן. אָ, (װעגן) עטלעכע פּראָבלעמען אין איין אָװנט.

אנדעכטיק — אַדי. אַרכ. e [lae)־Mhd: an.
← אנדאַכט פּרום. גאָטספּאָרכטיק. דבֿקות.

דיק. װאָס איז מיט כּװנה. ערנסט. „אין אײטל מורא אונ, אַן דעכטיג פֿאַר הקבֿ„ה“, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, פּפֿדמ תּמ„ה? „דער עולם דאַװנט גאַנץ ערנסט, נאָר רואיק, א', שטיל“, קמ, 1866 12, No. ־יקײט — „אַזו איין פֿול קומליכשׂ בראַנט שפּיגל, אונ, איין אהן טעכדיגקײט אונ, גאָטשׂפֿורבדיקײט ספֿר ניט אהן גיטראָפֿין“, בראַנט, שער־בלאַט. „עז ברואט צו גין מיט אַן דעבטיגקײט אונד פֿרומיגקײט אונד מיט פֿר שלאסני אויגן“, הבחור חנוך סג„ל מפֿרנקפֿורט דמיין איבֿז, אגרת בעלי חיים, הענא 1713.

אָנדעמאַגאָגעװען — אוטװ & טרוו. ־געװע אָן, ~דעמאַגאָגעװעט. אַ סך דעמאַגאָגעװען. אַ לענגערע צײַט פֿירן, זיך פֿאַרנעמען מיט דעמאַגאָגיע. אָ אַן אויפֿשטאַנד. אָ, און לאָזן דעם עולם אַ צעהושטן און אויפֿגעברויזטן.

אָנדעמפּן, ~דעמפֿן — טרוו. דעמפּ (דעמף) אָן, ~געדעמפּט (~געדעמפֿט). 1. דזוו אָנדאַמפּן ←. 2. טושען, דעמפֿן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, אַ טאָפּ פֿלייש עס זאָל סטײַען אויף אַ וואָך.

אָנדענק — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון געדענקען; דערמאָנען, האַלטן טײַער עפּעס (עמעצן). אָפּהיטן דעם אָ, פֿון.... צום (אין) אָ, פֿון....

אָנדענקען

צו זײַן ליכטיקן אָ'. כּבֿוד זייער אָ'. אין אָ, פֿון די וואַרשעווער אויפֿשטענדלער. אין אָ, פֿון די קדושים פֿון זיי דער אָ, זאָל אין דיר ניט אויסגעלאָשן ווערן", פֿרוג II, ,,קרבּנות".

2. זאַך וואָס זאָל דערמאָנען אין עפֿעס (עמעצן), וואָס זאָל העלפֿן געדענקען. סףווענירֿ. אונטערשרײַבן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע צום אָ,. ברענגען (קויפֿן) אַן אָ, פֿון ירושלים. אַ ביסל אַש פֿון אוישוויץ ווי אַן אָ, פֿון גרויסן ייִדישן חורבן. איבערלאָזן עפּעס אַן אָ'. ,,דעם נאָמען דעם זיסן זאָלסטו האָבן מיט יאָרן, אַן אָ, זאָלסטו האָבן פֿון מיר", פֿל. ,,מיר האָבן

דאָרט קבֿרים, מיר האָבן — זאָלן אָ, באָלײַכטן, באַגלייטן,,, סעג, אַ בויס פֿון פּוילן.

3. זכר. איבערבלײַב. סימבאָל. דער כותל מערבי — אַן אָ, פֿון בית־המקדש. מצדה — דער אָ, פֿון ייִדישער גבֿורה. די קופּע שטיינער אין וואַרשע — אַן אָ, פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער וואַרשע. אַן אָ, פֿון מלך סאַבעצקיס צײַטן. "שבת מאַכט מען המוציא איבער י"כ חלות וו אַן אָ, פֿונעם לחם־הפּנים — די צוועלף

ז

זעמלמעל־חלות — וואָס מע האָט יעדער ערבֿ שבת אַוועקגעלייגט אויף אַ טיש אין ביתהמקדש", איבז זוהר, פּקודי, רנב.

אָ'־ט אָ ג — כז ניסן איז דער אָ,־ט, פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און פֿון קדושה און גבֿורה אין די יאָרן פֿון חורבן.

אָ'־ט אָ וו ל. אָ'־מ אַ ר ק ע — "אויפֿן בילד זעט מען דעם... פּאָסטמײַסטער... מיט אַ פֿאַרגרעסערטער קאָפּיע פֿון דער אָ'־מ"" פֿאָר,

—

IX 1958 7. אָ'־מ ו ז ײַ — ,,... שאַפֿן אַ מין אָ'־מ, פֿון ייִדישן וואָרטקלאַנג", גק, No 49.

אָ'־פֿ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג. אָ'־צ ע ר ע מ אָ נ י ע.

־ונג — "אַ קוש וועל איך דיר, ליובטשע,

געבן, אַן אָ, זאָלסטו האָבן פֿון מיר", פּל.
"אונד מיר צור העכשׂטי אַן דענקונג אונד ליבּה
צייכן וואָלן גבּרויכן", מאַרשן, לשון זהב,
אַמשט תּצ,,ד. "וואָרום זאָלט איר זאָ שלעכט
אײַערע הייליקע נשמות בּאַהאַנדלען? און ניט
איבּערלאָזן עטוואָס פֿון אײַך אַן אָ'?", שמו
פלאי, ס"ר האמת והשלוס, לעמבּערג 1893.
,,... דאָס זײַנען אָ'ען פֿון... שטעט, וואָס מע
האָט אונטערגעטראָגן דעם אַקטיאָר,,, מוק,
טעאַטער און יידיש טעאַטער.
אָנדענקען — דאָס. מצ נבּ. דזוו אָנדענק. נר.
אָ, אויף דור־דורות. אָ, וו אַ זכר לחורבּן. "איר
י
זאָלט אויפֿשרײַבּן אַלץ וואָס איר וועט פֿון מיר
הערן, וועט עס איבּערבּלײַבּן בּײַ אײַך צום אָ,
און אויך צום אָ, פֿאַר די שפּעטיקע דורות",
שבחי האַר"י, [קעניגסבּערג, יאָר?]. "זאָל בּלײַבּן
די ווידערשפּעניקע קינדער צום אָ, אויף דעם
משונה־ווילדן מופת, דאָס זיי זאָלן מער ניט
מוטוויליקן", ממוס, ס"ר הבּהמות. "איך בּין
בּטוח אַז ער וועט ה אַוודאי איבּערלאָזן אַ
י
גוטע אָטיזדנע, אַן עוויג אַ',,, קמ, 20 '1869 No.
"געווידמעט דעם אָ, פֿון מײַן ליבּער בּאָבּע,,, יק.

אָנדענקען — טרוו. דענק אָן, ~געדענקט.
אָנטראַכטן. אָנפֿילאָסאָפֿירן. אָנפֿאַנטאזירן. אָ,
אויפֿן הימל אַ יאַריד. אָ, לופֿט־שלעסער. אָ,

1483

טעאָריעס וואָס מע קען צעוואַרפֿן ווי אַ קאָרט ..
שטיבל.
אָנדעפּעשירן — טרוו ־שיר אָן, ~(גע)
דע.
פּעשירט. אַוועקשיקן אַ דעפּעשע (
טעלעגראַמע). אָנטעלעגראַפֿירן. אָ, מע זאָל תּיכּף
אַרויסשיקן די סחורה. אָ, צו דער מאַמען זי זאָל זיך
ניט זאָרגן.

אָנדעסיציטיש — אדי. סטוטש, 495. וואָס
איז אָן אַ דעפֿיציט, אָן אַ פֿאַרלוסט, אָן היזק.
אָ'ע געשעפֿטן. אָ'ע אינוועסטירונג.
אָנדעקאָרירן — טרוו. ־ריר אָן, ,י.,,(גע)
דעקאָרירט. צו פֿיל דעקאָרירן. אויספּוצן עפּעס
מער ווי מע דאַרף. אָ, דעם טאָרט מיט קאָלירטע
קרעם־בלימעלעך. אַזוי אָ,, עס זאָל ווערן

אומבּאַקוועם.

אָנדעקלאַמירן — טרוו ־מיר אָן, ~(גע)־
.
דעקלאַמירט. 1. אַ לענגערע צײַט (שלעכט) דעקלאַמירן. אָ, עס זאָל כאַפּן אַ חלשות. 2. אַרויסזאָגן, אַרויסבּרענגען עפּעס מיט פֿאַלשן, געמאַכטן פּאַטאָס. אָ, אַזוי, עס זאָל ניט מאַכן קיין אײַנדרוק. אָ, אַ וואַל־רעדע מיט פֿאַנטאַסטישע צוזאָגן.

אָנדעקן — טרוו. דעק אָן, ~געדעקט. 1 פֿאַר.
דעקן. צודעקן. צומאַכן. אָ, די טעפּ מיט דעקלעך דאָס פֿלייש זאָל זיך בּעסער בּראָטן. אָ, אַלע קעסטלעך מאַראַנצן און פֿאַרקלאַפּן מיט טשוועקעס. 2. לייגן, דעקן, איבּערדעקן. אָ, דעם דאַך מיט פּאַפּ, מיט שינדלען. אָ, דעם טיש מיט אַ קלאָרן טישטעך. 3. אײַנדעקן. בּאַדעקן. אָ, דאָס קינד מיט אַ וואַרעם קאָלדרעלע. אָ, דעם קאָפּ מיט אַ שאַל. אָ, די פּלייצעס מיט אַ טוך.
4. איבּערציִען מיט אַ פֿאַרבּ, מיט פּאָליטור אע אַוועקלייגן (נאָך) אַ שיכט פֿאַרבּ. אָ, די ווענט מיט טינק פֿאַרן (אויס)קאַלכן. "אויף מאָרגן נאָכן לעצטן מאָל אָ, (אָדער

אויפֿפּאָליטורן) דאַרף מען אויף דער געפּאָליטורטער פֿלאַך אַרויפֿשטויבן ווינער קרײַד", בער. 5. (צו)־גרייטן אַ טיש צו (פֿאַר) אַ סעודה. אויסלייגן אַלע עס־מכשירים. אָ, דעם טיש מיט דעם יומטובֿדיקן זילבערוואַרג. 6. (שנײַדעריש) אַרויפֿנייען, צונייען, אָ, דעם קאָלנער מיט סאַמעט. מיט ז י ך.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

אַנדער — אַדיעקטיווישער פּראָ. Mhd: an(1e r.

[בייגט זיך ניט אין אצ ווען מיט א ו מ בּ אַ ־ ש ט י מ ט ן אַרטיקל און פֿ אַ ר ן סובסטאַנטיוו צו וועלכן דער פּראָ ציט זיך; אין אַלע אַנדערע פֿאַלן בייגט זיך וו אַן אַדיעקטיוו: (מיט) אַן

אַנדער (גוטן) מאַן, (פֿון) אַן אַנדער (גוטער)

פֿרוי, (צו) אַן אַנדער (גוט) קינד; אַ מאַן אַן אַנדערער, מיט דעם אַנדערן מאַן, געוואָרן אַן אנדערער אַ פֿרו אַן אַנדערע, מיט דער אַנ.

דערער פֿרוי, געוואָרן אַן אַנדערע; אַ קינד אַן
אַנדערס, דאָס אַנדערע קינד, מיטן אַנדערן קינד,
גיט מיר אַנדערס].
ניט דע'ר (די', דאָ'ס); ניט דער (די, דאָס)
זעלביקע(ר); ניט דע'ר (די', דאָ'ס) וואָס מע
האָט געהאַט פֿריִער אין זינען, גערעדט וועגן

אַנדער

דעם, געוויזן אויף דעם. צווייטער שפּעטערער,
אומבאַקאָנטער, וואָס איז ניט ווי פֿריִער, ניט
ווי איצט.
אין אַן אַ, צײַט. ס'איז אַן אַ, זאַך (מין,
סאָרט). ס'איז אַן אַ, געשיכטע (מעשׂה). האָבן
אַן אַ, מיינונג ווי פֿר□ער. איבערשטעלן אין
אַן אַ אָרדענונג. ס'אין גאָר אַן א, געדאַנק.
,
אויסדרייען דעם קאָפּ אין אַן אַ, זײַט. לויט
אַן אַ, סבֿרה קומט אויס.... עס האָט אַן אַ,
טעם. *ווערן (פֿילן זיך) אַן אַ, מע נ ט ש =

געוויינלעך בּעסער, געזינטער אע. □ □ון אַן א,
ט ייִ ג געקנאָטן = אויך: האָט גאָר אַן א,
כאַראַקטער. „אַן אומחן האָסטו אויף מיר
געוואָרפֿן, און מיט אַן א, מיידל בּיסטו אַוועק‟,
פֿל. „דער זעלבּ(יק)ער גוי, נאָר אין אַן א,
היטל‟; ‟דער זעלבּ(יק)ער (אייגענער) מאכל,
נאָר אין אַן א, שיסל‟; „אַז די מוטער שטאַרבּט,
קריגן די קינדער אַן א, פֿאָטער‟; ‟יעדער
געשוויר האָט אַן א, קאָליר‟, שוו „אויז שרייַבּט
אויף איין אַנדר לשון, דשׂ מן עשׂ וואול פֿר
שטין זאָל„, לט1, קד/א. ‟אין דעם
יאָרצייַטבּראַנפֿן ליגט עפֿעס אַ בּאַזונדער מין יצר־הרע,
עס האָט עפּעס אַן א, טעם‟, ממוס □ ווינטשפֿ.
‟ער האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַן א, וועלט,
אין אַ בּעסערע וועלט‟, שע, פֿונעס יאַריד I.
אין אַ'ע צייַטן. אין אַ'ע מקומות. פֿון איין
בּרעג בּיז צום אַ'ן. „האָסטו אין זינען די ליבּע
צו פֿירן, זאָלסטו נישט גיין מיט אַ'ע
שפּאַצירן‟ □ל. □קוקן דערויף מיט אַ'ע אויגן =
’
אויף אַן אַנדער אוֹפֿן, פֿון אַן אַנדער
שטאַנדפֿונקט. מיט (אין) אַ'ע ווערטער. אַ'ע (מענטשן)
= א) טייל מענטשן פֿאַראַן אַזעלכע וואָס....

-

,

"אַ'ע מענטשן שרייַבן מיט די ינגער אויף די
שויבן ווינטער", חא, נט/א; בּ) פּרעמדע,
זײַטיקע. "ס איז אַ משפּחה־זאַך, אַ'ע טאָרן פֿון דעם
ניט וויסן". "מעשׂים טובֿים בלייַבן בײַ דיר,
דאָס קאָן קיין אַ'ער בײַ דיר ניט אַוועקנעמען",
חה II, קצז. *די אַ'ע = אַלע איבעריקע. „איינער
האָט געוואוסט, ד אַ'ע האָבן ניט געיכלט".
י
"ער אַזו וואול אַז די אַנדרי נישט ענטפֿרן קאַן„,
עיון, יבֿ/א. ניט קיין אַ'ער ווי... — געני ט
נאָכן לויבן אַ גאַסט (רעדנער פֿאַרווײַלער אע)
,
און פֿאַרן אָנרופֿן דעם נאָמען בײַם פֿאָרשטעלן
אים פֿאַר אַן עולם. *דאָס זײַנען גאָר אַ'ע
דיבורים (רייד, ווערטער) = איצט רעדסטו צו דער
זאַך. אַ'ע זאָגן (אויך די איבז פֿון 'יש אומרים').
לאָמיר זאָגן (פֿאַרשטיין) איינער דעם אַ'ן. איינס
נאָכן אַ'ן (נאָך דאָס אַ'ע). אַן אַ'ן וואָלט איך

עס ניט געזאָגט. קויפֿן בײַ איינעם און בײַ אַן
י
אַ'ן. אָפּלייגן פֿון איין טאָג אויף ן אַ'ן. אָבער
פֿון דער אַ'ער זײַט. איינער פֿרעגט דעם אַ'ן.
אַ'ע מיני צרות (ווייטיקן אע). „ביז אַהער
האָסטו מיך געליבט, און שפּעטער — אַן אַ'ן“,
פּל. א'ער סדר = דער צווייטער. *ד אַ'ע טעג
—
פּסח = דער זיבעטער און אַכטער טאָג. *אָט
האָסטו דיר ד אַ'ע טעג יום־טובֿ = נאָך אַן
י
אָנשיקעניש, דאָס זעלביקע וואָס פֿריִער אָבער
ערגער. זיי זײַנען ווי אַ'ע צוויי פֿרײַנד,
שטענ
דיק צוזאַמען. ף זײַן אין אַ'ע אומשטענדן = זײַן
שוואַנגער. “דער טאַנצמײַסטער האָט זי

איבעראָנדערגעלאָזט אין אַ'ע א',„ ה. אַקערמאַן, טאָג, 1959
II 7. *ווערן אַן אַ'ער = זיך בײַטן, ספּעצ ווערן
אַן אַפּיקורס [< אַחר, ווי מע האָט גערופֿן
אלישע בן אבֿויה]. “ווערלוול דעם שוחטס איז

געוואָרן אַן אַ'ער, די סטרא־אַחרא טרייסלט מיט
אים,,, ד. י. זילבערבוש, סקיצען, ווין 1921.
*איבערגיין אויף אַ'ע הענט = א) אין אַ
צווייטנס רשות; ב) האָבן צו טאָן מיט אַנדערע;
) אונטער אַן אַנדער אָנפֿירערשאַפֿט. "לאָזן
זיי איבערגיין אויף אַ'ע הענט, וועלן זיי פֿילן
אַ טעם". *גיין אָ, = (קאָרטנשפּיל) האָבן די
צווייטע האַנט. ,,דו וועסט גיין ערשט און איך
אַ',,. ,,לאָז זײַן אַן ערגערער, אַבי אַן אַ'ער,,
[זאָגט אַ פֿרוי וואָס וויל אַ גט].
,,איטלעכער לעבט נאָר בײַם אַ'ן צופֿרידן,,,
,,בײַם אַ'ן איז אַלץ בעסער ווי בײַ זיך,,; "
ווילסטו ניט — הער ניט, אָבער דעם אַ'ן שטער
ניט,,; ,,אַליין טוט מען און אויף אַ'ע זאָגט
מען,,; ,,דאָס אַ'ע ווײַב האָט אַ גילדן לײַב";
,,דאָס (די) אַ'ע ווײַב איז נאָך דעם מאַנס
מעשׂים,,; ,,אַז איין ווײַבל שטאַרבט אין קימפּעט,
שײַט זיך דאָס אַ'ע ווײַבל אין מקווה אַרײַן צו
גיין,,; ,,איינער אין ליסע, דער אַ'ער אין
סטריסע"; ,,איינער ציט אין קראָקע, דער אַ'ער
אין לעמבערג,,; ,,ווען איין בלינדער פֿירט דעם
א'ן פֿאַלן ביידע אין גרוב אַרײַן,,; ,,ווען פֿרייט
— ,
זיך גאָט? ווען איין בעטלער קראַצט דעם אַ'ן,,,

שוו. קללה□ „ס'זאָל אים וואַרפֿן פֿון איץ כּעט
אין דער אַ'ער„. שפּאַסיק: „אַז איך נעם אַ
טרונק בּראַנפֿן ווער איך אַן אַ, מענטש, און
ווער אַ'ער וויל אויך אַ טרונק בּראַנפֿן„. „דײַן
קאָפּ טויג ניט, טויש (בּײַט) אויס דעם קאָפּ
אויף אַן אַ'ן„.
„ער האָט דאָס אַ'ע מאָל [← איבּערדאַוונען,
12□] אויך פֿאַרגעסן צו זאָגן יעלה ויבֿא“, טעמי
המנהגים, לעמבּערג תּרס“ט. „די אַנדרי מויאַר
[אַרום גן־עדן]... דאָרטן זענן פֿיל פֿון דיא
חסידי אומות העולם„, עפּש, דרך הישר לעולם
הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק כד. „איך זאָל עס
איבּערלאָזן דעם אַ'ן מענטשן וואָס וועט נאָך
מיר קומען„, מס, קהלת תּקע„ט, בּ, 18. „ווּעסטו
נעמען טאָפּעלן שׂכר: איין מאָל דערפֿאַר וואָס
דו האָסט דיך פֿאַרמידן די עבֿירה צו טאָן און
דאָס אַ'ע מאָל אויף דעם צער וואָס דו האָסט
געהאַט איבּערצושפּאַרן דעם יצר־הרע„, שבֿט
מוסר, סודלקאָוו 1833. „ניטאָ אין מיר... קיין
איינציקע אייגנשאַפֿט וואָס ס'זאָל ניט זײַן נעבּן
איר אַן אַ'ע, אַ פֿאַרקערטע“, ממוס, „בּישיבֿה
של מטה„.

אַרכ. אַ, בּייגט זיך אויך נאָך אַן

אומבאַשטימטן אַרטיקל און פֿאַרן סובסטאַנטיוו. „די
פלשתּים די זײַן קומען מיט איינם גרושן
געוואַלט. דוך זײַן איר וויל מינדר עס האָט איין
אַנדריא געשטאַלט„, שמואל־בוך, סטראָפֿע 220.
„וועלכי פֿרויא דיא דא און קײַשט (=
אומקײַשט, ← 655) אונ, ליגט בײַא איין אַנדרן
מאַן...„, מב, מעשׂה רד. „איין אַנדרי אַשה
מוז דר בײַא זײַן...„ (← אונטערשלאָגן, ב
18, 797).
אַרכ אויך: דאָס אַ, מאָלט. „ויהי און, עס

1489

וואַר גאָטס וואָרט דאס אַנדר מולט צו מיר“,
שעריר, א, 13.
אָנדער־ — די ווערטער וואָס מע

געפֿינט ניט מיט אָנדער.. ← דער -

דעם ערשטן אות פֿון שטאַס.
אָנדערבאַרעמקייט — די (דאָס). מצ נב
דרייזין. אָנרחמנותדיקייט.
אומבּרחמנותדיקייט.
אָנדערגיסן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~

דערגאָסן. צוגיסן. אָנפֿילן אַ טייל וויזל־לײדיקע כּלי (אַ בעכער, אַ גלאָז אע) מיט נאָך פֿליסיקייט. אָ, בײַם סדר די בעכער מיט ווײַן. אָ, אייל אין די לאָמפּן. אָ, מילך פֿאַרן קעצעלע.

אָנדערגרייכן — אוטוו & טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~דערגרייכט. 1. מיט אָנשטרענגונג דערלאַנגען, גרייכן אַ פּונקט, אָרט וואָס איז שווער צו דערגרייבן. זיך שטעלן אויפֿן לייטער און אָ, דעם פּאַטראָן, כּדי אַרײַנצודרייען אַ נײַ לעמפּל. אָ, די עפּל אויפֿן בוים. 2. דערשלאָגן זיך. מיט גרויסע שוועריקייטן אָנקומען צו (אויף) אַ באַשטימטן פּונקט. „נאָך 6 וואָכן אויף דעם שטורעמדיקן ים האָבן מיר אָנדערגרייכט די ברעגעס פֿון אַמעריקע". 3. מיט באַמיאונגען אויספּועלן צו זען, באַגעגענען עמעצן. אָ, (צו) דעם פּרעזידענט אַליין.

אָנדערהאַלבן
לבן. איינס מיט אַ האַלב.
— צוו. אויך: אַנדערהאַלבן,

אָנדערטהאַ
איינס און אַ העלפֿט פֿון איינס. אָ, מאָל אַזוי פֿיל. „זיך צוכאַפּן זען טאַטע־מאַמע אויף אַ שעה אָ'„. „ר, ראובֿן און, ר, אליקים האבן מיט אננדר גישפּילט. דא האָט ר, אליקים צו

ר, ראובֿן גישטעלט אנדר הלבֿן גראָשין — דא האָט ר, ראובֿן די אנדר הלבֿן גראָשין גיוואונן,,, 'שו״ת מהרש״ל', לובלין 1599 [הש I]. ,,דעשׂט מאָל זעהין זיא אנדר הלבֿין שעות דאשׂ ליכט פֿון דער וועלט״, נצ1, טז/ב. ,,איין דריט טייל פֿון איינם שקל, דאשׂ איז אַזו פֿיל אַז אנדר האלבֿן גילדן פּוליש״, לט1, מה/א. ,,דער [ים־]אָטער איז לאַנג אָ, איילן,,, ראשית למודים, לבֿובֿ 1862. ,,זיבֿן טויזנט פֿינף הונדערט נײַן און נײַנציק עמער [טינט] מיט אָ, קוואַטירלעך,,, ממוס, קליאַטשע. ,,מיט איטלעכן בּאַזונדער מאַכט ער אים [דער פֿאָטער] קאַלט דעם גיהנום אויף אָ, שעה,,, דרכי עולם, ווילנע 1866. ,,אָט דאָס סמאַרקאַטע בּחורל מיט די אָ, אויגן [איז דײַן חתן]?,,, קמ, 1867, No ll.

אויך: אָנדערהאַלבּ — לערנען אָ, יאָר. ,,דא הוט מן אין גיבֿוירט אינז גיהנם אונ, איז דרינן גיוועזן אנדר הלבֿי שעות״, בּראַנט, פּרק כב.

־דיק — אַדי. אָ'ער בּ ח ו ר = זייער הויכער און דאַרער. ,,... דער אָ'ער בּ,, וואָס אָטאָט בּרעכט ער זיך איבּער פֿון לענג און דאַרקייט״, אי. דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940.

אַן דער האַלבּן — אַדוו. אַרכ. [Mhd: an(le]M

.ha1ben   פֿון דער צווייטער זײַט. „אַן דער
הלבֿן, איטליכר קנס... [אויף דער פֿרוי] זאָל
דער מאַן מחויבֿ זײַן צו געבֿן תּיכּף ומיד ור
איר, אַז ווען ער זעלבֿרט עטווש ור שולט

אָנדערווײַזיק

העט„, „תּקנות חכמי ומנהיגי ק„ק פּראַג„ שע״ב
[רשומות, ד, ת„אָ תּרפּ״ו].
אָנדערהאַלטן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערהאַלטן.   (אָנ)באַקומען, (אַרײַנ)קריגן אַ סך, אַ
גרעסערע צאָל. אָ, צענדליקער טעלעגראַמעס,
באַגריסונגען פֿון דער גאַנצער וועלט. „האָט זי
עס אָ, מתּנות צו איר חתונה!“.
אָן דער האַנט — אַדוו. אַרכ. דזוו אין דער
האַנט. וואָס פּאַסט זיך גוט (פּונקט, ריכטיק)
אַרײַן. וואָס קומט אונטער אין דער ריכטיקער
צײַט, סיטואַציע. וואָס שפּילט, טרעפֿט צו. *גיין
אָן (אין) ד, ה, = קומען אַנטקעגן. „טאָן פֿראגן
נאָך דען אובֿרשטן קומידאַנד, דר איז אים
וואול גנגן אַן דר הנט„, 'איין שין נײַא ליד
פֿון אובֿן', פּראָג תּמ״ח [2, 1937,][)(][.
אָנדערהיצן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערהיצט.   1. דערהייבֿן צו אַ העכערער

טעמפּעראַטור עפּעס וואָס איז שוין הייס. אָ, דעם אויוון, דעם סאַמאָוואַר. אָ, די זופּ. אָ, דעם קעסל. פֿרגל אָנדערוואַרעמען. *אָ, די באָד = אויך אונטערהעצן. 2. אונטערפֿײַערן, אונטערהיצן. צוגעבן מוט, קוראַזש. אָ, די שפּילערס, די לויפֿערס אויף דעם ספּאָרט־פּלאַץ. אָ, די לופֿט אויף דער פֿאַרזאַמלונג מיט ר〿 עוואָלוציאָנערע לאָזונגען.

אַן דער וואָכן, אָנדערוואָכן — אַדוו

דזוו אינדערוואָכן; אין די וואָכנטעג. „ווײַל ער האָט מבֿטל גיוועזין דען עונג שבת אונ, זעלט אַן דער וואכין ניט תּענית האבין, ווערט גיזעהין אַז ער הלט חשובֿר דיא ימי חול אַז יום שבת קודש„, נצ1, כו/ג. „דען אַן דער וואוכן איז בעשׂר ווינציג ברכות צו מאַכן, אַדר אַן שבת — איז עשׂ בעשׂר דשׂ מן פֿיל ברכות זאָל מאַכן“, לט1, כא/א. „וואָן אבר דיא סעודה אַן דער וואַכן גהאלטין ווירט, שטיהט פֿרײַא לבעל סעודה אַן שטאַט פֿיש בשבת מיט זופּן אונד הינר אויך קאלאטשן אויף צו שטעלין„, 'פֿראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', פּראָג תּקכ„ז [ייִבל I]. „— כ'בין אַליין — אַ למד־וואָוו! כ'האָב בטחון און איך האָף, אָ, — נעמט קיין סוף„, בראָד, גש.

אָן דער וואַנט — אין פֿראַזע: קאָפּ אים אָ,
ד, וו, = עס אַרט מיך ניט וואָס עס זאָל געשען
מיט אים. „ער האָט דען אַ ייִדיש פּנים. נאָר
קאָפּ אים אָ, ד, וו'. ער מעג זיך זײַן ווער ער
איז, נאָר דו דאַרפֿסט מיט אים קיין געשעפֿטן
פֿירן,„ צבֿי זאבֿ רובינשטיין, דער שרעקליכער
קנס־מאָהל, אַדעס 1883.
אָנדערוואַרעמען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~דערוואַרעמט. דערהייבן צו אַ ביסל אַ
העכערער טעמפּעראַטור עפּעס וואָס איז שוין
וואַרעם. אָ, דאָס וואַסער אויסצובאָדן דאָס
קינד פֿרגל אָנדערהיצן.

.

אָנדערווייזיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען

-

.

ניט דערווײַזן. „האָט צעשטערט די
פֿאַנטאַסטישע, אָ'ע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער נאַטור
און וועגן אירע געזעצן“, ל. גאָלדבערג איבז,
ב. זשוקאָוו, די אָפּשטאַמונג פֿונם מענטשן,
מאָסקווע 1925.

אָנדערוויילן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערווײלט. דערוויילן אַ סך, אַ צאָל. אָ, כּמעט
אַלע מיטגלידער אויף עפּעס אַן אַמט.

אָנדערוויסן זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ,
זיך ~דערוואוסט. דערוויסן זיך וועגן אַ צאָל
(מענטשן, זאַכן, ענינים, פּרטים) מיטן
בײַבאַטײַט: עפּעס שלעכטס אָדער איבעריקס. אָ, זיך
רכילות, פּליאָטקעס. אָ, זיך שיינע מעשׂיות
וועגן אַ נאָענטן פֿרײַנד. אָ, זיך וועגן געהיימע
פּלענער. אָ, זיך אַזוינס וואָס וועט קיין שום
נוצן ניט בּרענגען.

אַנדערוועגן — אַדוו אַרכ. אַנדערשוואו.
ערגעץ אַנדערש. (אין) אַנדערע מקומות. „איין
מאַנשׂ פֿאַרשוין לאָזט מן קוים אין איין שטאַט
רעכט דער וואַרמן, דען דיא לײַט זאָגן, ער
קען אַנדער וועגן זײַן נויט קלאָגן„, עיון, לו/א.

אָ'נדערוועך — די. בּמ אַמ ־ □ □ un(1e: □ <
□ ea □ י. אונטערוועש.

אַנדערזיי'ט — 1. אַדוו. אויף דער אַנדערער
־ □
זײַט. אַריבּערגיין אַ'. 2. פּרעפּ. אויף (פֿון)
דער אַנדערער זײַט. אַקעגנאיבּער. אַ, גאַס, אַ,

טײַך. 3. סובֿ די. צווייטע, אַקעגנדיקע זײַט.
זיך אַריבֿערכאַפּן איבֿער (אויף) דער אַ, =
איבֿערן גרענעץ; צום שׂונא. זיך איבֿערדרייען אויף
דער אַ, = א) גוט שלאָפֿן; בֿ) זיך איבֿערקוליען.
זיך שמדן. איבֿערגיין אין אַ פֿרעמדן לאַגער.
די א, פֿון דער מטבֿע = אויך. אַ צווייטע,
הי.

פֿוכדיקע מיינונג.
־יק — אַדי. נעאָל. אַ'ע אײַנשטעלונג.
־יקייט — „לויבֿ דעם, וואָס זײַן צײַטיקייט
וואַרט אויף דער פֿרייד פֿון דער אַ', דעם וואָס
איז גרייט און אַלץ גרייטער צו פֿאַלן אַהין,
אויף דער זײַט אויף דער צווייטער!„, צײַט,
גל III.
אָן דער זייט — דזוו אָן אַ זײַט ←. ‘‘איך
--
רוף מײַן זון אָן ד, ז, און זאָג צו אים„, ספּורי
מעמtזינת פֿון רבינו נסים, וואַרשע 1846?
‘‘טונעיאַדעווקע... איז אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל
אָן ד, ז, פֿונעם טראַקט‘‘, ממוס, מסעות. ‘‘די

מוטער איז אָן ד, ז, געזעסן און האָט
געשטריקט אַ זאָק,,, א פֿינקעל איבז, סטעפֿנ
י אַק.
קרוטשינסקי, אַ ה . זל בײַ דער וואָלגע, מינסק
1922. ,,איז געזעסן דעמאָלט אָן ד, ז'...
קײַענדיק אַ שטיק ברויט,,, לייזער קאַצאָוויטש,
הומאָרעסקעט, מינסק 1933.
אַנדערזייטס — אַדוו. דטשמ. נר. דזוו פֿון

-

--

דער אַנדערער זײַט; פֿון דער צווייטער זײַט.
פֿון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. באַטראַכטן דעם
זעלבן ענין אַ'. ,,און אַ, האָבן קריסטן מער
אַנגעהויבן קענען די ייִדן מיט זייערע בעסערע
אייגנשאַפֿטן", קמ, 19 1865, No.
אַנדערט פֿטמ אַנשטאָט אַנדער אין דער

פֿאַרבינדונג: אַן אַ, מאָל.
אָנדערטאַפּן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~
דערטאַפּט. 1. דזוו דערטאַפּן, נאָר עמפֿאַטישער.
אָ, די טיר אין פֿינצטערן קאָרידאָר. אָ, דעם
אַפֿיקומן. אָ, אַ בײַטל מיט געלט אויף דער ערד.

2. פּלוצעם אַרײַנקריגן, (אָנ)כאַפּן עמעצן

149()

(עפּעס). מיט באַמיאונגען אַרײַנקריגן עמעצן
(עפּעס). אָ, דעם לאַנג־אַרומגעזוכטן שווינדלער.
אָ, די ריכטיקע מציאה. ־עניש.
אָנדערטהאַלבּן — דזוו אָנדערהאַלבּן ←.
אויך: אַנדערטהאַלבּן. אַ, שעה. אָ,
צענדליק יאָר. אָ, יאָר. „די נאָז האָט אים [דעם
אינדיק] אַראָפּגעהאַנגען אפּשר אויף אָ, איילן
ווײַט", עט, משלים. „האָט ער געשאַצט...
ר, קלמנס פּאַרמעגן נאָר אין אָ, מיליאָן
קערבּלעך", ממוס, ווינטשפּ „האָט פּאַרדינט אירע
אָ', צוויי גילדן אַ טאָג", בּ. גאָרין, דיא מזיקים,
נ"י 1900 פּאַרקויפֿן [דאָס בּינדל פּלאַקס]
- „ .
אר א רובּל מיט אַ פּירטל אָדער אָ',„ די
... - —

מעה פּון פּיער בּרידער, וואַרשע 1906. „איז
לאַנג בּרוגז ניט געווען. ער האָט נאָר
דורכגעלאָזן א טאָג אָ, און איז צוריק געקומען", זש,

קיסר און רבי פֿאַראַן אין עסטיש קורצע,
.,,
האַלבּ־לאַנגע, לאַנגע, אָ'־לאַנגע און איבּערלאַנגע
קלאַנגען", ייִבּל 1, XI־2. אָ'־בּ ח ו ר ד י ק ע ר —
דזוו אָנדערהאַלבּנדיקער בּחור ...
אָנדערטייק ער — דער, ־ס. אַמ.: >
un(]er a] r.   פּראָפֿעסיאָנעלער אַראַנזשירער
פֿון לוויות. ווער עס האָט פֿירט אַ הויז (,
טשאַ,
פֿעל,) וואו עס ווערן דורכגעפֿירט לוויות.
—ערײַ — ,,אָ, איז אַ גוטע בּיזנעס,,.
אַנדערטמאָל, אַנדעדמאָלט — אדוו. אַרכ.
ניט דאָס מאָל, נאָר אַ צווייט מאָל. בּײַ אַן
אַנדער געלעגנהייט. ווען ניט איז. "דאז מיר
אין איין אַנדר מולט קענן גניסן", סר משלים,
 דמ 1686, טז/ב.
אָנדער אָגן — טרוו. ־יאָג אָן [?], ~דעריאָגט.
1. דזוו דעריאָגן, נאָר עמפֿאַטישער. אָ, די
חבֿרים אויפֿן שאָסיי. אָ, די גרופּע אין דער
צווייטער שטאָט.   2. אָנשטרענגען זיך און
(דער)גרייכן צו אַ מעמד, מדרגה. אָ, דעם חבֿר
אין לערנען. "אָ, אין לייענען די בּעסטע שילער

אין קלאַס“. אָ, דעם געוועזענעם שותּף אין
רײַכקייט. ־עניש.
אָנדערכאַפּן — טרוו. ־כאַפּ אָן [?], ~
דערכאַפּט. 1. מיט באַמיאונג אונטערכאַפּן (אין
לעצטן מאָמענט). אָ, דעם באַלעם. אָ, די גלאָז
וואָס איז אַרונטערגעפֿאַלן פֿון גלאָז־שראַנק.
2. דזוו דערכאַפּן, נאָר עמפֿאַטישער. אָ, די
מילך זאָל ניט אויסלויפֿן. אָ, אַ שווערע
בלוטפֿאַרגיפֿטונג און ראַטעווען דעם חולה. 3.
דעריאָגן און כאַפּן. אָ, דעם גנבֿ וואָס איז אַנטלאָפֿן.
אָ, די (אָפּגייענדיקע) באַן.
אָנדערלאַנגען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ;
~דערלאַנגט. 1. דערלאַנגען אַ סך. אָנשטעלן.
אָנלייגן. אָ, אויֿן טיש פּירות און קוכנס. אָ,
מיט דער ברייטער האַנט. 2. אָנגעבן,
אַרײַנגעבן. אָ, אין געריכט. אָ, אַן אָנקלאָג אויפֿן
שכן. אָ, אַן אַפּליקאַציע אין אוניווערסיטעט.
3. אויך אוטוו. (דער)גרייכן. אָ, די (צו דער)
העכסטער פֿאָלקע פֿון ביכערשראַנק. 4. אויך
אוטוו. דזוו אָנדערגרייכן, ב3. אָ, צום מיניסטער
אַליין. אָ אַזש צו די רויטע ייִדעלעך. „אַזוי
'
האָבן מיר מידע און צעבראָכענע ענדלעך
אָנדערלאַנגט צו די...“, ייִט פּוילן 5 .II.

אָנאַנדערמעל

מוסרן. געבֿן אַן (די) אמ ן (אמתע) גאָבֿ.
אָנשלאָגן. אָ, פּעטש, פּונקען זאָלן פֿליִען. אָ,
בֿוכצעס. אָ, אַ פּאָרציע מוסר עס זאָל ווערן פֿינצטער
אין אַן אויג. אָ, קללות. 6. אוטוו.
אָנטומלען. ווילדעווען. ,,חבֿרה האָבֿן אָנדערלאַנגט און
איבֿערגעקערט די שטובֿ,,. מיט ז י ך —
(וועגן אַ פֿרוי) זיך לאָזן סעקסועל אויסניצן.
־עכץ. ־עניש.
אָנדערלויבֿן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערלויבֿט. דערלויבֿן אַ סך, מער ווי מע דאַרף.
אָ, דעם קינד [דאַטיוו] ווילדקייטן.
אַנדערל אַדיעקטיווישער פּראָ [בֿייגט זיך
יִ —
ניט]. פּפֿ: אַנדערערליי. היפּוך פֿון
איינערליי. וואָס איז אויך פֿון אַנדערע,
אַרשיידענע מינים, סאָרטן. אַ, שטאָפֿן. אַ, געסט ועלן
אויך זײַן. —איק — אַדי. ־איקייט.
אָנדערלייגן — טרוו. ־לייג אָן, ~דערלייגט.
צוגעבֿן, צולייגן נאָך און נאָך. אַרויפֿלייגן אַ סך.
אָ, אויפֿן טעלער געבֿראָטנס און געפֿרעגלטס.
אָ, מע זאָל עס ניט קענען אויפֿעסן. אָ, איינס

אויף דאָס אַנדערע. ־עכץ. ־עניש.
אַנדערלענדיש — אַדי. 1. וואָס איז ניט
אין (פֿון) דעם אייגענעם לאַנד; וואָס איז אין
(פֿון) אַן אַנדער פֿרעמד לאַנד. אויסלענדיש.
,
אַ'ע סחורה. אַ'ע צײַטונגען. 2. וואָס האָט
ניט די אייגנשאַפֿטן פֿון דעם לאַנד; וואָס איז
פֿרעמד, פּאַסט זיך ניט אַרײַן אין דעם לאַנד.
אַ'ע מנהגים. אַ'ע סירונגען. אַ'ע טענץ, מוזיק.
־קייט.
אַנדערמאָל — אַדוו. אין אַן אַנדער פֿאַל.
פֿון צײַט צו צײַט. ווען־ניט־ווען.
אָנדערמאַנען, ־מאָנען — אוטוו & טרוו.
איצ, אימפּ נבֿ; ׳י.,דערמאַנט, ־מאָנט. אַ סך
מאָל דערמאָנען (און אונטערשטרײַכן די
וויכטיקייט פֿון דער זאַך). אָ, די מיטגלידער וועגן
דער וויכטיקער פֿאַרזאַמלונג. אָ, וועגן אַ וועקסל
וואָס איז מאָרגן פֿעליק. מיט ז י ך ־עניש.
.
אַנדער מין פֿראַזע. ← אַנדער. 1. ניט
.---
פֿון זעלבן מין (סאָרט) פֿון אַ צווייטן, אַנדערן,
.

ניט־ענלעכן מין. אַ, מ, שטאָף. אַן אַ, מ, מעשׂה.
,,מע טוט מיט אים [צוציקן] אַ רעד עפּעס אויף
אַן אַ, מ, לשון — אונטערוואַרפֿנדיק אים
שטיקלעך ברויט‘‘, ממוס, שלמה. 2. וואָס האָט
ניט די זעלביקע אייגנשאַפֿטן. וואָס איז ניט
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ צווייטן מין. אַ, מ,
מענטש. אַ, מ, באַשעפֿעניש. 3. וואָס איז
ניט פֿון זעלבן געשלעכט. דער אַ'ער (שיינער)
מ, — פֿרויען. ‘‘אויף דער פֿאַרזאַמלונג זײַנען

געווען מער פֿאָרשטייער פֿון אַ'ן מ'‘‘. אַ'־
מיניק — אַדי
אַ'נדערמעל — די (דאָס). מצ ווי אצ אויך ־ן
(פֿאַרשיידענע סאָרטן). אויך: אַנדערשמעל.
דריטמעל. ערגסטער און ביליקסטער סאָרס
מעל, פֿון טונקעלן קאָליר, גראָב־געמאָלן פֿו
ווייץ, געמישט מיט גערשטן. מע באַקט פֿון
אַזאַ מעל ברויט, אויך (פֿאָר)קאָכט מען פֿון אַזאַ
מעל קליסקעס. ,,ווען בײַ אונדז איז געווען
גאָר ביטער מיט פּרנסה, האָט מען געקויפֿט אַ,

אָנדערנענטערן

און מע האָט געקאָכט קליסקעס,,. ‘‘געלעבט

האָבן די מענטשן פֿון קלײַבן שוואָמען פֿון
...
גנבֿענען געהילץ און דערפֿאַר געקויפֿט בײַ די
'זישעס, אַ ביסל אַ', פענצאַק אָדער הירזש,,,
י. קייטעלמאַן פֿאָר, 20 X 1957 —יק — אַדי.
, .
,,איר שפּיטאָל־העמד איז האַרט ווי אַ ברעט
און טונקל ווי דאָס אַ'יקע ברויט וואָס הנא
באַקט אויס“, מ. בורשטין,... מאַזאָוויע.
אָנדערנענטערן — טרוו. איצ, אימפּ נב;
~דערנענטערט. פּפּ ,.נע'ענטערן. 1. דזוו
דערנענטערן, נאָר עמפֿאַטישער. צוציִען, צובינדן
דורך אַרויסווײַזן וואַרעמקייט, פֿרײַנדשאַפֿט. אָ,
די פליטים. אָ, דעם נײַעם שכן. אָ, די ייִנגלעך
פֿון גאַס. 2. צוטרײַבן, צואײַלן געשעעניש,
פאַסירונג, וויכטיקע דאַטע אע. אָ, די גאולה.
אָ, אין געדאַנק דעם טאָג פֿון דער חתונה. מיט
ז י ך — אָ, זיך צו דער גרענעץ. אָ, זיך צום
ציל. ־ונג.
אָ'נדערנע'רן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ~
דערנערט. אָנשפּײַזן אויף אַ לענגערער צײַט. אָ,
די קרבנות פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג. אָ, די
פליטים.
אַנדערס אַדיעקטיווישער פּראָ. ← אַנדער.

די פֿאָרעם פֿון נייטראַלן מין, ווען דער פּראָ
קומט נאָכן סובסטאַנטיוו. „דאָס לעבן איז גאָר
אַן אַ,,,, ייִשפּ XI, 4 . „כ'האָב וויפֿל מאָל
געגעבן זיך דאָס וואָרט צו שענקען רו מײַן
האַרץ מײַן פֿיל געליטענעם. קיין אַ, האָב איך
דאָך ניט אויף זײַן אָרט“, האַל, מײַן אוצר,
מאָסקווע 1966. „ער האַלט אויף די הענט אַ
קינד אַן אַ'„ פֿרגל אַנדערש.

.

אָן דער ערד — אַדוו פּראַזע. דזוו אויף (צו)
דער ערד. אָנקלאַפּן דעם בּאַלעם אָן ד, ע'.
„פּראָסטע מענטשן זענען זיך נוהג אין בּרענען
פּולווער אָדער שטעקן קנאַקערלעך אין די
לעכט אַרײַן און וואַרפֿן קנאַקערלעך אָן ד, ע,
אום שׂמחת־תּורה. די זענען מחלל יום־טובֿ,,,
דרך אָדם, וואַרשע 1860.
אַנדערערליי — → אַנדערליי. „אין די
מיטלמעסיקע לענדער האָט פֿעל און לעדער שפּעטער
אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פֿון הלבּשה פֿאַר אָ,
שטאָפֿן“, אַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו

י

.1925

אָנדערפּאַקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערפּאַקט. צופּאַקן נאָך און נאָך. צולייגן צו
דעם וואָס איז שוין אָנגעפּאַקט. אָ, דעם
טשעמאָדאַן מיט נאָך עטלעכע העמדער. אָ, דעם
מאָגן מיט אַ שיסל געגדזענע לעבערלעך.

-

אָנדערסרייען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערפֿרייט. שטאַרק דערפֿרייען. דערפֿרייען אַ צאָל.
אָ, די מאַמע(ן) מיט אַ בריוועלע. אָ, די
הערצלעך פֿון די קינדער. מיט ז י ך — „ער קען
זיך ניט אָ, מיט די אייניקלעך„..

▯

אָנדערסרעגן זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ;
זיך ~דערפֿרעגט. אויספֿרעגן. ווען
דערגיין פּרטים; ווען אויסגעפֿינען וועגן אַ צאָל
(מענטשן, ענינים, זאַכן). דערפֿרעגן זיך און

דערגיין. אָ, זיך וועגן אַלע חבֿרים. אָ, זיך וואָס
האָט פּאַסירט. אָ, זיך וואו עס וואוינט אַן
אַלטער באַקאַנטער. אָ, זיך מכּוח אַכצן און דרײַצן.
אָנדערצאָרענען, ־צערנען — טרוו. איצ,
 וימפּ נבּ; ~דערצאָרנט, ־צערנט. דזוו
דערצאָרענען, נאָר עמפּאַטישער, געדויערדיקער. אָ,
נאַטשאַלסטווע. אָ, די פּרנסים. אָ גאָטס
סטראַף,

טשעס.
אַ'נדערצייט — די, ־ן. דזוו איבערצײַט ←,
-
994. „דער טשעק איז פֿאַר דער וואָך אַרבעט,
און וואָס איז מכּוח דער אַ'?„. ־יק. ־יקייט.
אָנדערציילן — טרוו & אוטוו ־צייל אָן,
.
~דערציילט. 1. אַ סך, אָ לענגערע צײַט
דערציילן. אויסדערציילן. אָ, (פֿון) נסים
ונפֿלאות. אָ, איין מעשׂה נאָך דער צווייטער. אָ,
(פֿון) ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן. אָ, הרים
וגבֿעות. „אָ, פֿון דעם פֿון יענעם“, קמ, 1867,
,

No 12. „אַזוינע מעשׂיות האָבּן זיי אָנדערציילט
פּיל“, יק. „ער פלעגט זיי אָ, ניַיס, שרעקלעכע,
וואונדערלעכע זאַכן און מלחמות“, ממוס,
ווינטשפּ. 2. אָנרעדן אויף עמעצן. אָנמסרן. אָ,
רכילות. אָ, דעם 'סליעדאָוואַטעל, אויף די
שותּפים. „וואָס האָסטו דאָ אָנדערציילט מעשׂיות
מיט... עבֿירות„, אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע
1865. „איינער האָט אים היַינט אָנדערציילט
עפּעס אַ רכילות אויף אַ ייִדן אין ירושלים“,
ייִל איבּז, ג. לעססינג, נתן החכם, אַדעס 1884.
„דערוויַיל האָט מען אָנדערציילט פֿאַר דעם
אַטעמאַן, אַז די ליַיטע האָבּן אַ זיַידן־האַנדל...
זיי זיַינען ריַיכע ליַיטע„, הרבֿ בּנימין גרינבּערג
איבּז, ספֿר נפֿלאות הזהר, מאָנטרעאָל 1927.
מיט ז י ך — אָ, זיך צו דער זאַט. “אין
אונדזערע מקומות האָט מען זיך אָנגעדערציילט
וועגן זיי גאַנצע פּעק מיט מעשׂות“, ממוס, אין
אַ שטורס־ציַיט “שרעקלעכע מעשׂיות האָט ער
זיך אָנדערציילט פֿונעם מענטשנס סוף, פֿונעם
מלאך־המות... פֿונעם מלאך־הדומה“, שע,
מעסtיות פֿאַר אידישע קינדער I. „זיי קומען פֿון
ניקאָליַיעווער פּאָגראָם, וואָס זיי דערציילן זיך
נעבּעך אַן„, ירמי, יוסף יאַקאַבּזאָהן, המאיר
לארץ, מינעאַפּאָליס 1900. „איר גרינע

שוועסטער... דערציילט זיך אָן די צרות פֿון איר
מאַן,,, א. זאַלאָטאַרעווסקי, קאָרטן, נ,,י 1910.
־ונג. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אָנדערקלערן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ,...,
דערקלערט. דערקלערן אַ סך, אַ לענגערע צײַט
(און אָן אַ גוטן רעזולטאַט). ,,דער לערער
האָט דאָ אָנדערקלערט די אַלע אויפֿגאַבעס,
אָבער מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען‘‘.
אָנדערקענען — טרוו. דערקענען אָן [?], ~
דערקענט. אַרכ און פּרקוו צו פֿאַרייִדישן דאָס דטשמ
וואָרט אָנערקענען ... אָ, דעם טעות וואָס מע
האָט געמאַכט. אָ, אַ שרײַבער. אָ, דעם
היסטאָרישן אויפֿטו. ,,דא קאַן מאַן אַן דער קענין,,, וויצ,
אַמשט 1687, ח/א. ,,נײַערט דעם בכור דעם
זון פֿון דער פֿאַרהאַסטער מוז ער אָ'‘‘, תּי,
דבֿרים, כא, 17. ,,זיי זײַנען פֿון דעם
משפּחהצד וואָס דער יחוס־צד האָט נאָך דערווײַלע ניט
אָנדערקענט‘‘, יאי איבז, אַנטראָפּאָלאָגיע, נ,,י

אַנדערש

1920. מיט ז י ך — ‘‘איר אַליין אָנדערקענט
זיך פֿאַר שולדיק,,, שטריגלער ־ונג — מיט

גרויס אָ'.

אָנדערראַמען — אוטוו & טרוו. איצ, אימפּ נבֿ, ~דערראַמט. אָנשטרענגען זיך, שווער האָרעווען צו ברענגען אין אָרדענונג, צו מאַכן ריין. געוויינלעך מיט נ י ט. „מע קען ניט אָ, (אין) דעם הקדש,,. מיט ז י ך — „זי קען זיך ניט אָ, מיט פֿיר קינדערלעך א□ן צוויי צימערלעך,,.

אָנדערגזנען — [... ראַגזענען]. דזוו אָנדערצאָרענען.

אַנדערש — אַדוו. 1 .Mhd: an(1e□s. אויף אַן אַנדער אופֿן, ניט אַזוי ווי פֿריִער, ניט ווי איצט. טאָן אַזוי אָדער אַ'. לעבן אַ, ווי אַמאָל. זיך אויפֿפֿירן אַ'. אַ, ועט עס ניט זײַן (גיין). "אַ מענטש זאָל ניט רעדן אַ, ווי ער טראַכט אין האַרצן", „אַ, טראַכט זיך און אַ, מאַכט זיך", „די זעלביקע יענטע, נאָר אַ, געשלייערט", שוו. „אַזוי אַלע, מוז מען אַלץ איבערשטעלן אַ'", נחבֿ, 'מעשׂה מבן מלך ובן שפֿחה'. „אַ, וואָלט מײַן ליד געקלונגען, כ'זאָל פֿאַר גויִים גויאיש זינגען,,, פּרץ, 'מאָניש'. „אויף פֿרײַע פֿרישע לופֿט וועלן מיר ביידע מיט אונדזערע קינדער גאָר אַ, אויסזען", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. „זי האָט זיך אויסגעקעמט גאַר אַ, ווי תּמיד", אָפּא, אַליין. "געשפּילט האָט

זי זיך אויסטערליש, אַ, פֿון אַלע קינדער,,, ייִז, אָשע קאַלבֿ. ,,דער קול־השופֿר וועקט אויף...

עס זײַנען ימי־רצון און אין די טעג קען מען גאָר אַ, אויפֿטאָן", לדבֿ, נ"י תּשי"ז.
2. דזוו בּ1 מיט אַ נעגאַציע. דווקא אַזוי און ניט אַ,. מע קען ניט אַ'. אַ, קען ניט זײַן. אַ,

נישט ווי דרײַצן = א) בּלויז אַזוי, בּשום־אופֿן ניט אַ'? (בּײַם אָפּלאַבן פֿון אַן אײַנגעשפּאַרטן); בּ) אומזיסט דאָס מאָנען, ווערסט ניט פּועלן.
,,געלט ווילסטו? אַ, נישט ווי דרײַצן,,, רייד (וואַרשע); ,,ווילסטו איך זאָל דיר אַוועקגעבן? טאַקע אַ, נישט ווי דרײַצן,,, רייד (וואַרשע).
,,ווען איך ניט אַנדרש מאג, זא וויל איך זי אויז הונגרן דינן,,, בּבֿא־בּוך, 39. ,,דרום בּעט איך דיר... דז דוא זאָלשׂט ניט אַנדרש טאָן....,,
פּראָגבֿ, 36. ,,אויף אַלע מלאָכות וואָס מע טוט אום שבּת איז מען אַ, ניט חייבֿ ס ײַ ד ן איינער טוט די מלאָכה אינגאַנצן", איבּז תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818. ,,ייִדן האָבּן ניט אַליין פֿאַר זיך זייער אייגן לעבּן וואָס קען אַ, גאָרניט

געמאָלט זײַן סײַדן דורך איין לשון, דורך איין שטייגער פּירונג און דורך איין מקום מנוחה“, ממוס, אַ סגולה.... „זאָל איך ניט אַ, [מע קען אויסלאָזן: טאָן, סײַדן] אומקערן דײַן זון צו דעם לאַנד...„, תּי, בּראשית, כד, 5. “ געוויס לעבּן זיי. אַז אַ, [= אויבֿ ניט] איז

גאָרניט אַרויפֿצונעמען אויפֿן מוח“, י◻ראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. “'עני ורוכבֿ על חמור ועל עיר בּן אתונות, פֿון דער ליטע קען משיח ...

ניט קומען, ווײַל אין דער ליטע אַז אַ ייִד זאָל האָבּן אַזוינע צוויי חיות... קאָן ער שוין מאַכן אַ לעבּן פֿון פֿורמאַנסטווע. איז דאָך אַ, ניט סײַדן ער זאָל קומען פֿון אַמעריקע„, ירמי,

אַנדערש־גלייבּיק

◻וסף יאַקאָבּזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס ‎.1◻00

3. מיט ע ר ג ע ץ , אַנשטאָט אַנדערשוואו. אַוועקפֿאָרן ערגעץ אַ'. „זאָל די זון... ערגעץ אַ, גאָר ריין און אָן פֿלעקן זײַן?“, עט, לידער. “דעם כּוח בּײַצושטיין נסיונות דאַרף מען

באַהאַלטן ערגעץ אַ',,, מ. שטריגלער, איק, 1964
.X 4
4. סוב. אַן אַנדער זאַך. אייגנטלעך אַנשטאָט
אַנדערס. קומט מיט נ י ט און מיט ע פ ע ס.
,,זיא קונן נישט אַנדרש [דאָס וואָרט קען מען
לייענען אַנדער(ע)ס] אַלז דאז זי שטין אין אירי
ג□מערק אונ, לובן הקב,,ה", לט1, א/1. "זי וויל
אַ, ניט נאָר אַז מע זאָל אומקערן קריק איר
פֿאָטער", נחב, ,מעשׂה מבערגיר והעני'. ,,
מערקווירדיק! ניט אַ, טאַקע אַז רוחות אַרבעטן □אַר
אַזעלכע סוחרים", ממוס, טאַקסע. "מע גיט
אים ניט אַ, ווי ששי", מ. יודעלטאָהן, חײקע די
שוועבעלע, ווילנע 1927. שמועסן פֿון עפּעס
אַ'. טראַכטן (פֿון) עפּעס אַ'. ,,אַלע מעשׂיות פֿון
דעם ס□ר זענען דורך גרויסע סודות התּורה.
[מיט] איטלעכס וואָרט און איטלעכע זאַך מיינט
מען גאָר עפּעס אַ'", נחב, 'מעשׂה מהז,
בעטלירס'. "זיי האָט גאָט צוגעשיקט פֿון וואָס עפּעס
אַ, צו ריידן,,, ממוס, קליאַטשע. "זיי כאַפּן
איבער אַ שטיקל ברויט אָדער עפּעס אַ'", דיא
מע□)ה פֿון דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר
1869. נעאָל, געניצט ווי אַ זאַכוואָרט. ,,אויף
וועלכן אַ, פֿון דער אָנסופֿיקער צאָל אַ'ן זאָל זיך

אונדזער אָפּקלײַב אָפּשטעלן“, בּרידער גאָרדין, די טריאומפּעדיע, ווילנע 1914.

5. אַנשטאָט אַ נ ד ע ר אין אויסדרוק: אַן אַ, מאָל.

אַנדערש־גלייבּיק — אַדי. וואָס האָט אַן אַנדער גלויבּן, וואָס גלייבּט אַנדערש. טאָלעראַנץ צו אַ,־ג'ע. „ווער עס נאַרט אַן אַ־ג'ן... איז עובֿר אויף דרײַ לאַוון“, קמ, 45 1867, No.

־יקייט. אַ'־גלייבּער, (־ס) — „געלאַכט און געשפּעט פֿון אַ'־ג'“.

אַנדערש־געשלעכטיק — אַדי. וואָס געהערט צום אַנדערן געשלעכט. „ווען עס קומט די צײַט פֿון... אינטערעס צו אַ־ג'ע

בּאַשעפּענישן„, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט ־יקייט.

אַנדערשדיק — אַדי. וואָס איז אַנדערש. זײַן, בּלײַבּן, ווערן אַ.. אַ, געקליידט. מיט אַ בּיסל אַן אַ'ן קנייטש. “זאָל איך אויפּרופֿן צו פֿריילעכס מײַנע יאָרן, צו אַ ניגון פֿון אַן אַ'ן טראָט“, הל, 'צפֿונדיקער שליאַך'. „דרײַ וועגן, א'ע גאָר פֿון סתּמקייט וואַקסן פֿלוצעם אויס“,

בּ. לאַפּין דער פֿולער קרוג. „די זעלבּע טרער אַ, אין יעדן פֿענצטער גליט, די זעלבּע זון אַ,

אין יעדן פֿענצטער בליט,,, אַריה שמרי.
־יקייט — ,,אַ, איז דאָס וואָס וועקט זײַן
אינטערעס, רייצט זײַן נײַגעריקייט,,, שנ,
קריטיק ; 1 קריטיקער.
אַנדערש־דענקענדיק — אַדי. וואָס דענקט
אַנדערש. רודפֿן די אַ'־ד'ע. אַ'־דענקעוודיק
— וואָס דענקט שטענדיק אַנדערש, וואָס האָט

1492

די טבֿע, די נאַטור צו דענקען אַנדערש. ,,אַ'־ד'ע
באַשעפֿענישן וואָלטן געהאַט פֿאַר זיך גאָר אַן
אַנדער וועלט,, ־יקייט.

.

אַנדערשוואו — אַדוו. אין (אויף) אַן אַנדער
אָרט, ניט וואו מען איז. ערגעצוואו ניט־דאָ,
ניט־הי. ,,גייט אײַך אַ,,,. ,,אַ, איז בעסער?".
"ער זוכט זײַן גליק אַ'". "אַנדרש וואו הוז מן
עשׂ [דאָס פֿעטס 'אויף דען פּונצן, = מאָגן] מיט
דעם מעשׂר [= מעסער] הין וועק רײַסן",
מנהגים... דורך דאז גאַנץ יאָר, וינידיג ש,,ן
[ווענעציע 1590]. "ווען מן איינם אויף נעמט
לראָש ישיבֿה אַנדרש וואו", ,,אוב איין יורש
ווער אַנדרש וואו, אונ וועלט זײַן חלק ירושה

אַוועקנעמין", תקק. „עשׂ זוכט דער הילד שאול דיא איזלין דא. אַן דעם בּערג אפֿרים זיא וואַר אַנדרש וואו", שמואל־בּוך, סטראָ [ע 137. „און, דיא חכמים שרייַבּן אַנדרש וואו דשׂ מן איז שולדיג חתן און, כּלה ורוילך צו מכין„, בּראַנט, פֿרק לבֿ. "אַ, האָט קיין שום וואָפֿן ניט געקענט זײַן קערפֿער שאַטן", יהואָש, הײַאַוואַטאַ. „אַ, האָבּן די אײַז־מאַסן אײַנגעדריקט טיפֿע טאָלן אין דער ערד", דא פֿון בּערלין בּיז סאַן־ פֿראַנ,

ציסקאָ, וואַרשע 1930. "... זי זאָל פֿון איר בּליץ דעם ציטער אויסציטערן ע ר ג ע ץ אַ'„, צײַט, גש I. „אַז מע זאָל קערן די בּלאַט אויף צוריק, איז זײַן פֿלאַץ גאָר ערגעץ אַ', ניט אין ראַזורע„, א. קאַרפּינאָוויטש, בּײַם ווילנער דורכהוי I.

אָנדערשוויצן זיך — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ; זיך ~דערשוויצט. בּאַגאָסן ווערן מיט שווייס. אויסשוויצן זיך בּיז דער געהעריקער מאָס. אָ, זיך בּײַם האַקן האָלץ. אָ, זיך בּײַם לייגן דעם טאַטן, בּײַם אונטערשרייַבּן זיך. אָ, זיך אין באָד. „האָסט וואַרעמקייט? טרינק הייסע טיי מיט מאַלינעס, דעק זיך אַרום מיט אַ פּערענע, וועסט זיך אָ, און געזונט ווערן„.

אַנדערש־וועלטיק — אַדי. וואָס איז □ון
אַן אַנדער וועלט. אַ'־וו'ע אַלטע לײַט. „אונטער
דער השפּעה פֿון מעכטיקע כעמישע מיטלען,
קאָן מען דערגרייכן גײַסטיקע אַנטדעקונגען,
אַ'־וו'ע וויזיעס“, טמז, 1967 III □ 17 ־יקייט.

.

אַנדערש ווערן, זיין — צזוו. ווער (בּין) אַ'.

-

בּין אַ, געוואָרן (געווען). □. אַנדערש. מע
קען ניט ווערן אַ, ווי מען איז. “לעתיד לבֿא
ווערן די פֿעלקער פֿרעגן אַן ישׂראל: וואשׂ איז
דײַן פֿרײַנט הקבּ“ה אנדרש אַז איין אנדרר
[□. אַנדער, סוף] פֿרײַנט“, מחזור שלש רגלים,
ה“בּ, אַמשט 1713. “... וויכטיק מיט וואָס איין
פֿערזאָן איז אַ, פֿון דער אַנדערער„, שנ, ייִד,
שרײַבּער אין סאָוו'־רוסלאַנד.
אַנדערשט — [מיר ווייסן ניט צי דער
אַרויסרייד איז געווען מיטן קלאַנג ש אָדער מיטן
קלאַנג ס] אַדוו. □ .Mhd: an(le□rs. אַרכ. דזוו
אַנדערש. „דרום טוא ניט אַנדרשט אַז וויא דער
טעט האָט גישריבּן“, פּראָגבּ, 8. “גם דא עז
אַנדרשט ה“ו זאָל מיט איהם אום גיהן“, 'כּ„י
וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [□ ש III]. „ער

בּידענקט זיך ניט ווידר אַנדרשט צו רידן", סהמ, שמואל א, טו, 29. ,,און, שפּריכט אַזו וויל

אַנדערשן

איכשׂ האבּן און, אַזו מושׂטו טון און, ניט
אַנדרשט", בּראַנט, פּרק ה. ,,אבּיר איך האבּי אים
מײַן ריזלוציא [= בּאַשלוס] גיזאגט זוא און,
אַלזו מוז עשׂ זײַן און אַנדרשט ניט", גה,

,

254. ,,טאָג און, נאַכט טונן זי נישט אַנדרשט
דען אייטל געטליכע זאַכין", לט1, א/1. ,,אַזו
ווערט דער מלמד גיצוואונגן זײַן איינשׂ צו
קויפּן, אַנדרשט מוז ער [אין] מיטן זמן אַוועק
לויפּן", מ), ג/ב. ,,נון ווען עשׂ ניט אַנדרשט
קאַן זײַן...", 'משה רבּינו בּשרײַבּונג', 1750?
[גק, No 50]. ,,עס איז נישט אַ', נײַערט פּון דער
לאַנגער תּיסה בּיסטו אומזיניק געוואָרן,,, ספּור
מע)יות פּון רבּינו נסים, וואַרשע [1846?]. ,,איז
עס דיר אנדרשט גקומן פּון זייגן אודר פּון
עשׂין אודר פּו טרינקן... איז עשׂ דיר אַנדרשט
גקומן פּון נכט דר שרעקניש אודר...", ספּר

רפֿואות, המו״ד [רוסיא]. אויך אַ
קאָמפּאַראַטיוו־סופּערלאַטיוו פֿון אַ, — אַנדערשטער
,,אבֿיר
לע,,ע האָט מחו'[תּני] הקצין ר, משה בּ״בּ [
בּאַמבּערג] פֿיל אַנדרשטיר צו גיזאגט,,, גה, 252.
אַן דער שטאַט — אַרכ. דזוו אַנשטאָט.
,,וויל ער דיא יונג קויניגין, איך גיבֿ זיא אים
אַן דער שטאַט״, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 411.
אַנדערשיזם — דער, ־ען. נעאָל. שיטה,
טעאָריע וואָס האַלט אַז מע דאַרף זײַן אַנדערש.
פֿאַראַן בײַ אונדז אין אַמעריקע אַ גאַנצע שיטה
,, - —
פֿון אַ'. אונדזערע אַנדערשיסטן...״, צײַט,
טמז, 1955.
אַנדערשמאָל — אַדוו. דזוו אַנדערמאָל. דזוו
אַנאַ'נדער(ש)מאָל ←. ,,אַ, גיט ער אָפּ אַ חובֿ,
אַ, ניט״. ,,נאָר זאָל זײַן ניט אַצינד... אַן אַ'...
בּײַ מיר וועט ניט פֿאַרפֿאַלן... איך מוז אַהיים,,,
אַקש, מזרח און מערבֿ, מאָסקווע 1940.
אַנדערש־מיינער — דער, ־ס. ווער עס
מיינט אַנדערש. ,,אַ מערהייט קען זיך בּויען
די נאַציאָנאַלע שול לויט אירע הנחות, ניט צו
רעכענען זיך לחלוטין מיט די אַ־מ'״, ימ,
איינהייטלעכע פֿאָלקשול, 1922.

אָנדערשמעקן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~
דערשמעקט. 1. דזוו דערשמעקן, נאָר
עמפֿאַטישער. אָ, וואָס פֿאָר אַ מאכלים (פּאָטראַוועס) עס
קאָכן זיך בײַ יענעם אין די טעפּ. 2.
דערגיין, דערטאַפּן, דערוויסן זיך עפּעס דורך
אָנווענדן פֿאַרשיידענע מיטלען. אָ אַ סענסאַציעלע
,
פֿאַר דער צײַטונג. אָ אַ גוט שטיקל נײַס. אָ,
,

-

רכילותלעך. אָ, וואָס עס קאָכט זיך בײַ יענעם
אין טעפּל = וואָס עס טוט זיך בכלל בײַ יענעם.
3 פֿאָרויסזען פֿאָרויסטרעפֿן דורך מאַכן
פֿאַר. ,
שיידענע קאַלקולאַציעס. אָרויספֿילן. אָ, אַ
סכּנה. אָ, אין דער לופֿט אַז....
אַנדערשן — טרוו. אַנדערש, געאָנדערשט.
מאַכן אַנדערש, בײַטן, משנה זײַן. „אפֿשר
דאַרף מען דאָ נאָך משנה זײַן? אפֿשר מוז מען
דאָ נאָך אַ'?“, ימ, אויסגאַבֿע וועגן ייִוואָ, קאָוונע
1926. „עס טרעפֿט אַז אַ שטאָט ווערט אין אומ..

בײַט פֿון בליקן געאַנדערשט ווי אַ פּנים בײַם
צונד פֿון אַ בליץ", סוצ, פּאָעטישע ווערק I,
תּ"אָ 1963. מיט ז י ך — דורכגײן גלגולים
און זיך אַ,. "אַוודאי האָבן זיך די צײַטן

געאָנדערשנאַפּן

אַנדערשט. איצט איז מירעלע די גבֿירינטע",
ד. י. זילבערבוש, שטרעכאַלעך..., ווין l916.
,,איך, גאָט, האָב זיך ניט געאַנדערשט,,, תּניא,
.14
אָנדערשנאַפּן — דזוו אויסדערשנאַפּן ←,
.215
אַנדערש־נאַצ אָנאַל — אַדי. סאָוו.
ראָכקינדי
שקליאַר ווב. וואָס געהערט צו אַן אַנדער
נאַציאָנאַליטעט. די רעכט פֿון די אַ־נ'ע.
אַן דער שפּיץ — פּראַזע אַרכ. דזוו אין
דער שפּיץ. בראָש. "אַל ישׂראל הטן ליב דוד
אַלזוא שון. ער ווש אַל מול אַן דער שפּיצן
און, קיינם ליש ניכש טון", שמואל־בוך,
סטראָפֿע 403. ,,דער סדר איז דיא קנעכט ג[נ]ענן אַן
דער שפּיצן און, דער מלך הינטן, און, איך
וויל פֿאַר אײַך הער גין אַן דער שפּיצן און,

איר צום הינטרשטן“, מחזור שלש רגלים אַמשט 1713, קצה/ב. „דרום אויך ווערן זיא איצונד פֿר טריבּן ווערן אַן דער שפּיץ פֿון אַלי פֿר טריבּני„, סהמ, עמוס, פּראָג תנ„ב, ו, ז. “ער וואָלט אוימדר פֿארנן גין אַן דער שפּיץ„, ספֿר משלים פּפֿדמ 1686.

,

אַנדערשפּראַכיק — אַדי. וואָס איז פֿון אַן אַנדער שפּראַך. אַ'ע השפּעות אויף ייִדיש. „די אָנהויערונג פֿון אַ'ן מאַטעריאַל (העבּרעאיזמען, דײַטשמעריזמען, סלאַוויזמען)“, א. ספּיוואַק, סאָוו, היימלאַנד, 1966, No l2.

אַנדערשקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אַנדערש. “אין דער תּקופֿה פֿון אַטאָם־שפּאַלטונג איז שווערער אויפֿצוהיטן אַ'“, ימ, אונדזער שול, מעקסיקע 1948. “ווען יעדע אַ, וואָלט געדאַרפֿט זײַן ענלעך צו אַלע אַנדערע אַ'ן — אין וואָס וואָלט באַשטאַנען איר אייגנאַרטיקייט?„, גרינ, איד און וועלט. „אָך און ווײ וואָלט געווען צו דעמאָקראַטיע, ווען זי וואָלט געווען פֿײַנדלעך צו אייגנאַרטיקייט, צו אייגנקייט, צו אַ'“, צײַט, טמז, 12 ▯ II 1957. „אַיעדע זאַך, אויף וואָס עס פֿאַלט מײַן בּליק, פֿאַרמאָגט אין זיך אויף אַ, אַ רמז„,

הל, 'אויף יענער זײַט פֿון זאַכן, [טמז, 1968
XII 15].

אָנדערשרעקן — דזוו אויסדערשרעקן ←,
215.

אַנדראָגיניש — אַדי. 1. וואָס האָט אי
מענלעכע אי ווײַבלעכע סימנים, אײגנשאַפֿטן. ספּעצ
וועגן בלומען אי מיט מענלעכע אי מיט
ווײַבלעכע פֿונקציעס. אַ'ע בלומען.

אַנדראָגע'ן — דער, ־ען < איי < גר. (
בּיִאָכעמיע) יעדע סובסטאַנץ, נאַטירלעך אָדער
סינטעזירט, וואָס העלפֿט בּוֹלטער מאַכן
כאַראַקטעריסטיש־מענלעכע שטריכן.

אָנדראָדלען (זיך) — דזוו אָנדרודלען (זיך).
"וואָס האָסטו זיך אַזוי אָנגעדראָדלט, איך האָב
דיך מיט גאָרניט באַליידיקט", אַבֿרהם פּאָדים
„.— ער ווערט שוין ערנסט און בייז, און זײַנע
מוילווינקלען דראָדלען זיך שוין אָן, ווי
אויסצושיסן מיט אַ באַליידיקונג„, דעמבּלין צוויי
און אַ דריטער.

1493

אָנדראַטוועו — דזוו אויסדראַטוועו ←, 215.

אָנדראָטיק — אַדי. וואָס איז אָן דראָט. וואָס

איז ניט סאַרבונדן דורך (מיט) אַ דראָט. ,,ניט
-

אַרויסלאָזנדיק פֿון די הענט די טרײַבלעך פֿון
אָ'ע טעלעגראַפֿן“, פּמ פֿאַרבײַגייענדיק. אויך:
,
אָנדראָטיש — ,,אַצינד קאָן מען אַ שמועס
טאָן פֿונעם אָ'ן טעלעגראַף“, איבז, בּ. זשיטקאָוו,
עלעקטריע אינדערהיים, קיִעוו 1930.
אָנדראָטן — טרוו. דראָט אָן, ~געדראָט. אויך:
~דראָטעווען. 1. אָנציִען, אַרויפֿגעבן
דראָט. אָ, דעם פּלויט, דאָס ענצטער. 2.
דורכציִען, דורכפֿירן (עלעקטרישע) דראָטן. אָ, די
טעלעגראַפֿישע סלופּעס (שטאַנגען).
אָנדראָטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~
געדראָטשעט. , (lro: <. אָנטומלען, אָנהוזשען
און פֿאַרטומלען עמעצן. דאָקוטשען מיט אַ סך
רייד. ,,האָט קיין פֿאַראיבל ניט וואָס איך האָב
אײַך אָנגעדראָטשעט אַ קאָפּ“, אָגוז.
אָנדראָלן — אוטוו & טרוו. דראָל אָן, י.,
געדראָלט, ,געדראָלן. 1. מאַכן עס זאָל
געשוואָלן ווערן. אָנשוועלן. אָנקוועלן. אויפֿלויפֿן.
אָ, די הענט פֿון פֿראָסט. אָ אַ פֿוס פֿון אָן

איי,
טערדיקער מכּה. 2. מאַכן אָנגעבלאָזן,
אָנגעבּרוגזט. „... אויסגעשאָסן: — ווער זשע האָט
עס דיך הײַנט אַזוי אָנגעדראָלט?“, מ.

אַלבּערטאָ‍ ‍ שאַכטעס, מאָסקווע 1934. „וואָס האָט ער
אַזוי אָנגעדראָלן?“ — פּאָרל מיט: אָנגעקוואָלן.
3. אָפּנאַרן. אָפּשווינדלען. אָ, די קונים.
אָנדראַנג — דער, ־ען. 1. אָנגעלאַף.
שטופּעניש. ענגשאַפֿט. געדרענג. „די טערקישע
רעגירונג האָט געזען אײַנצוהאַלטן דעם שטראָם,
דעם אָ, פֿון די נײַע געסט [= אימיגראַנטן]“,
ייִפֿאָל, 25 1885, No. „און דאָך איז דער אָ, פֿון
די מענטשן אַזוי גרויס, אַז מ'מוז זיך גאָר פֿאַר
זיי ווערן“, מ. מ אויזערקיס, דער
פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָביטש 1898. 2.
איבּערפֿלוס. אָנפֿלוס. „קעגן אַזאַ אָ, פֿון די ייִדישע
אידייען האָט די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט
געמוזט אויסבּויען אַ דאַמבּע“, זק איבּז, שד ‍I.
„האָבּן זיך געשראָקן פֿאַרן צו גרויסן אָ, פֿון
די ,פֿרעמדווערטער', זיי זאָלן ניט פֿאַרפֿלייצן
זייערע לשונות", ימ, ייִשפּ 3 .I, 4. אָנגריף.
אײַנהאַלטן דעם אָ'. „נאַקעטע, באָרוועסע...
וואַרפֿן זיי זיך אין קאָנטעראַטאַקע. די ווײַסע
האַלטן ניט אויס דעם אָ, און טרעטן אָפּ“,

[ווער?] קיִעוו 1940.

אַנדראָסטעראָ'ן — דער, ־ען. (בּיִאָכעמיע) סעקס־האָרמאָן וואָס געפֿינט זיך אין אורין פֿון מענער.

אָנדראָען — טרוו. דראָ אָן, ~געדראָט. דטשמ. אָנוואָרענען. אָנסטראַשען. אָנשרעקן. אָ, מיטן האַרבּן וואָרט. אָ, די אָפּאָנענטן —אונג.

.

אָנדראַפּען — טרוו ־פֿע אָן, ~געדראַפּעט.

.

1. צעדראַפּען. אָנקראַצן, אָנגראַבּלען עמעצן מיט די נעגל און איבּערלאָזן (מאַכן) סימנים, וואונדן. אָ, אַ פּרצוף מע זאָל ניט אַרויסזען די אויגן. 2. ניט קלאָר, שלעכט, מיט שוועריקייטן אָנשרײַבּן, אָנצייבענען עפּעס.

אָנאָנדרודלען

פּאַטשקען, אָנדרעפּֿטשען עפּעס אויף פּאַפּיר. אָ, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס. אָ, דרײַ צלמימלעך אַנשטאָט אַן אונטערשריפֿט. ״האָט אָנגעדראַפּעט פּאַוואָלינקע אויפֿן פֿאַפּיר עטלעכע פֿאַסיקלעך״, שע, אָרעמע און פֿריילעכע I. ״די קראַנקע פֿעלדמויז האָט אָנגעדראַפֿעט אויף אַ

שטיקל קאָרע אַ בריוול און געשיקט אים מיטן
ווינט“, ר. בוימוואָל, מע▯)הלעך פֿאַר
דערוואַקסענע סאָוו, היימלאַנד, 5 1963, No. ־עכ▯ן.
־עניש.

אָנדראַקען — טרוו & אוטוו. ־קע אָן, ~
געדראַקעט. 1. דזוו אָנדראַפּען, ב2 ←.
אָנשמירן. אָ, און ניט קענען אַליין דורכלייענען.
“דאָס האָט גאָר אַ ווײַס־חבֿרהניק אָנגעדראַקעט
[אויף דער קאָלאָנע]“, א קנײַפּמאַן, דער
שטילער קנײַפּער, אָדעס 1881. „און ווי אַזוי וועט
מען קענען פֿאַרשטיין, וואָס ער וועט דאָרט
אָ,? — דאָס מאַכט שוין ניט אויס... זײַן עסק
איז אָנשרײַבן וואָס ס'ניט איז...„, אי. קיפּנים
איבז, מאַרק טווען, העקלבערי פֿין, קיִעוו 1929.
2. אָנשמוצן. אָנברודיקן. אָנטרעטן. אָ, אויף
דער פּאָדלאָגע. ־עכץ. ־עניש.

אַנדראָקראַט יע — די, ־ס. < א▯י > גר.
מענער־הערשאַפֿט. „אַלע ביזאיצטיקע
געזעלשאַפֿטן זײַנען געווען אַ'ס“ ־יש — אַדי.
— .

אָנדראָש — דער. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון
אָנדרעשן ▯..

אַנדראָגינוס — [אַנדראָגנעס] דער, ־ן. < בכו—

ריס, א, ה; < גר: מאַן־פֿרוי. 1. ווער עס
האָט געשלעכט־סימנים אי פֿון אַ מאַן אי פֿון
אַ פֿרוי. הערמאַפֿראָדיט. אַ קול פֿון אַן אַ'. אַ
מאָראַלישער אַ'. „עס ווערט פֿון ז אַן אַ',
״.
דאָס הייסט אַזוי אַ מענטש וואָס איז אַ געמיש
פֿון אַ זכר און אַ נקבֿה בײַזאַמען„, אמד, דער
בן יחיד, ווילנע 1875. „עס גייט אין שטאָט
אַרום אַ קלאַנג אַז זי איז אַן אַ'“, ממוס פֿישקע.
,
„דער גײַץ איז אַלזאָ אַן אַ', די הייבמוטער איז
אָנגעפּאַקט מיט אייעלעך“, פֿגעז, ווילנע, 1924,
No 2. „לויט דער... טעאָריע איז דער
ערשטער מענטש באַשאַפֿן געוואָרן אַ
צווייאייניקייט, אַ מאַן־פֿרוי, אָדער, אין גריכיש: אַן אַ',
אַ דו־פֿרצו￼ין... אָן אמת צווייפּנימדיקע
באַשעפֿעניש, אַ מאַן און פֿרוי צוזאַמענגעוואַקסן„,
יע, יושפֿ 1 ,X￼I.
2. (שפּאַסיק) ווער עס קען זיך ניט
אַנטשליסן, איז וואַקלדיק. לעמעשקע. „עפּעס אַ
שטיק אַ', ניט ער שמעקט, ניט ער שטינקט„.
פֿון [גימנאַזיע] גייט אַרויס עפּעס אַ מין...
„
אַ', ניט קיין ייִד, ניט קיין קריסט„, רעד, נתן

ראָזענבלום, דער יודישער קאַלענדאַר, אַדעס
1889. ־דיק — אַדי. אַ'דיקע דערשײַנונג.
אָנדרודלען — טרוו. ־דל אָן, ~געדרודלט.
1. אָנהיצן. אָנריידן, צוריידן. אונטערפֿירן קעגן
עמעצן. אָנדרייען, אָנסטראָיען. אָ, די שנור
קעגן דער שוויגער. „איר זײַט נאָר קוקלעס,
וואָס טוען, מאַכן מיט די ליפּן, פּלאַפּלען אַזוי
ווי מע דרודלט זיי אָן„, ממוס, קליאַטשע. „די
כּלה הייסט עס דרודלט אָן דעם חתן„, שע,
צעזייט און צעשפּרייט. 2. אַרויסווײַזן

בּייזאַנדרד'ט

קייט. פֿאַרקרימען דאָס פּנים. אָנבלאָזן זיך.
פֿלעגט ער שוין פּרוּוון מיט בייזן, דהײַנו, אָ,
"
די נאָז און מאַכן אויף אים אַ מורא מיט פֿוילע
תּנועות", ממוס, ווינטש. מיט ז י ך — אַ,
זיך אָן אַ פֿאַרוואָס ־עניש.
.
אַנדרו'ט — דער, ־ן. < .. פּר
צוקערקיכל. צוקערוואַפֿל. זיסער ביסקוויט.
אָנדרויבלען — טרוו ־בל אָן, ~געדרויבלט.
.

אַ סך אָנפֿיצלען, אָנבּרעקלען. אָ, בּרויט ▯אַר די
▯ ייִגעלעך. דזוו אָנדריבּלען, בּ3 ←.
אַנדרולומוסיא — [אַנדראָלאָמוסיע] די, ־יות,
־אות. > בּמדבּר רבּה, ה, ד. צעטומלעניש,
ווירוואר, אומרו, בּהלה. ,,אַ תּוהו־ובוהו הערשט
אויף דער ייִדישער גאַס, אַן אַ, אין ייִדישן
לעבּן", דער פֿלאַקער, וואַרשע תּרפ"ו, No 1.
אַ, בּאה לעולם — [... בּאָאָ לאָאוילאָם]
זאַץ▯ תּח > בּראשית רבּה, כו, י. "אַ, בּ, ל',
ווי פֿלעגט דער רבּי אײַנטײַטשן? ס'איז
געקומען אויף דער וועלט אַ צעמישעניש, אַ
צעקאַלמוצעניש, אַ צערודערניש, אַן איבּערקערעניש,,,
פּ. רודאָי, טמז, 27 1964 I▯X.
אָנדרומלען — טרוו ־מל אַן, ▯...,,געדררמלט.
.
אָנקלאַפּן אויף אַ דרומל. ← אויסדרומלען,
▯21.
אָנדרוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנדרוקן.
דער אָ, פֿון שער־בּלאַט איז אַרויסגעקומען זייער
שיין. 2. רעזולטאַט פֿון אָנדרוקן. אָפּצוג.
אָפּצי. דער ערשטער אָ, איז אַרויס שמוציק.
3. טיראַזש. דער זונטיק אָ, פֿון דער צײַטונג
-

איז. . עקזעמפּלאַרן. 4. דזוו אָנדריק.
ווירקונג. ״יענע וואָך איז די בערזע אַ ביסל
אומרואיק געוואָרן. עס האָט געמאַכט אַן אָ, אויף
די קורסן“, קמ, 36 8 l8, No.
אָנדרוקן — טרוו. דרוק אָן, ~געדרוקט.
1. דרוקן אַ סך (מער ווי מע דאַרף). אָ,
סידורים. אָ, טויזנטער עקזעמפּלאַרן פֿון אַ
ווערטערבוך. 2. אָנצייכענען, אָנשרײַבן מיט
דרוקאותיות (אין געדרוקטע אותיות). אָ, מיטן
האַנט אַ שײנעם פּלאַקאַט. 3. אַרויפֿדרוקן.
אָ, בלומען אויפֿן זײַד. 4. אָנגראַווירן. אָ אַ
,
ווינטשעוואַניע אויף דעם מעדאַליאָן. אָ,
איניצ אַלן אויף דעם רינג ־עכן ־עניש.
־ער.
אָנדריבלען — טרוו ־בל אָן, ~געדריבלט. פּפֿ.
~דריוולען. 1. אויפֿדריבלען (← 427)
און אַרויפֿוויקלען אויף אַ שפּול. אָ אַ פֿונט
,
וואָל. אָ אַ שפּול(קע). 2. אָנפּלאָנטערן
פֿאַר,
פּלאָנטערן די פֿעדעם (וואָל) בײַם צענעמען אַ

געוועב, א וואָלענעם בגד. אָ, די מאָטקעס וואָל
מע זאָל עס שפּעטער דאַרפֿן אַרויסוואַרפֿן. פֿיג
אָ, אַ צרה, אַ מחלוקה. 3. אָנפֿיצלען,
אָנבּרעקלען עפּעס מיט די הענט. אָ, אַ שטיקל שטאָף
און עס קאַליע מאַכן. אָ, א לאַבן בּרויט. אָ, אַ
שטיקל בּרויט פֿאַר די טויבּן. 4.
אויסדריבּלען אַ סך. אָ, אין עטלעכע שעה 5 סוועדערס.
5. (ספּאָרט, פֿוטבּאָל) אַליין פֿירן, זיך שפּילן
מיט דעם בּאַלעם אָן איבּערצוגעבּן אַ צווייטן
מיטשפּילער. אָ, לעבּן טויער און פֿאַרלירן די
פֿילקע (דעם בּאַלעם) צום גאָלקיפּער. ־עניש.

1494

אָנדריגען — ־גע אָן, ◌, געדריגעט. אוטוו —
(נערוועז) וואַרפֿן, בּריקען מיט די פֿיס (פֿון
אומצופֿרידנקייט). אָ, מיט די פֿיס און זיך
פֿאַרגיין אין אַ געוויין. טרוו — אָנקלאַפֿן,
אָנשטופֿן מיט אַ פֿוס. אָ, די טיר (אויך: אין
דער טיר).
אָנדריזגען — טרוו ־גע אָן, ◌ ...,געדריזגעט.
.
1. אָנשפּריצן, אָנגיסן, פֿאַרגיסן און שמוציק
מאַכן. בּאַגיסן די (וואַזאָנעס) בּלומענטעפּ און

אָ, וואַסער איבּער דער גאַנצער פּאָדלאָגע. „האָט אָנגעדריזגעט זוזע אויפֿן טישטעך און געמאַכט פּיאַטנעס“ (פֿלעקן). 2. דזוו אויסדריזגען 216 .,.

אָנדריי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנדרייען. אָ, פֿון זייגער.

אָן דריידלעך — פּראַזע. אָן קונצן. אָן הינסערשפּיצלעך. „זאָג מיר אָן ד', וועסט אָפּגעבן דעם חובֿ צי ניט?“.

אָנדריידלען — טרוו ־דל אָן, ~געדריידלט.

1. אָנדולירן פֿאַרדרייען (איז) קרײַזעלעך; מאַכן לעקעלעך. אָ, דעם קאָפּ האָר. „בעסי ענטפֿערט נישט... פּודערט זיך אין שפּיגל... דריידלט אָן די לאָקן...“, אָפּאַ, ,אין אַ קעלערשטובּ'. 2. דזוו אָנדראַפּען, בּ2 ←, אָנדראַקען, בּ1 ←. אָ, קײַקעלעך מיט רינגעלעך. 3. דזוו אָנדרודלען ←. אָנריידן. צוריידן. איבּעררײדן. אַנדרייען, בּ12 .. אָנהעצן. „האָט שוין מײַן מאַמע אָנגעדריידלט אַלע קינדער אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפֿן אָט דעם ביטערן פֿינצטערן חדר“, —

זאב הלוי, דער רבּי קלמן סענדערס,

באַרדיטשעוו 1906. מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
אָנדרייען — טרוו. דריי אָן, ,,געדרייט.
1. אָנציִען און פֿאַרדרייען, פֿאַרשטײַפֿן. דרייען
כּדי צו לאָזן אין גאַנג אַ מעכאַניזם, כּדי צו
לאָזן אין באַוועגונג עפּעס. אָ, דעם זייגער. אָ,
די ספּרו(נ)זשינע פֿון אַ שפּילצײַג. אָ, דעם
גראַמאָפֿאָן. אָ, די סטרונעס פֿון דער מאַנדאָלינע
,,ווען אַ שלימזל קוילעט אַ האָן — גייט ער,
דרייט ער אָן אַ זייגער — שטייט ער", ,,וואָס
טויג דעם פֿויער אַ זייגערל, אַז ער קען עס
ניט א'", שוו. "איך בין ווי אַן אויטאָמאַט, וואָס
מע האָט אים אָנגעדרייט איינמאָל פֿאַר
אַלעמאָל", באש. ,,אַ ראָד האָט עתּיקא אָנגעדרייט,
אַ הויז האָט עתּיקא אָנגעבּרייט, יאָגט ער דעם
ראָד פֿאָרויס — און בּויט צו אַ דאַך צום הויז",
צײַט, מטטרון יג. "מע האָט מיט אַלע כּוחות
.
אָנגעדרייט איבּער ייִדן דעם שטײַער־שרויף",
ימ איבּז, שד II י. אָ, די קאַטערינקע, דעם

גראַמאָפֿאָן = אויך: א) אָנהייבּן צו רעדן גיך
און איבּערחזרן דאָס זעלבּע; בּ) אויפֿעפֿענען אַ
פּיסק (מויל) און אַוועקלייגן אַ מענה־לשון. אָ,

אַ לירע = אויך: אָפּטאָן אַ שפּיצל, פּראַוועןשטוקעס.
אָ אַן אויער, די אויערן = א) באַשטראָפֿן

דורך אַננעמען פֿאַרן אויער(ן) און דרייען, רײַסן עס זאָל וויי טאָן. "אַפֿילו אַ רבי אָן אַ קאַנטשיק פֿלעגט אויך אָ אַן אויער". „דער רבי האָט מיר ,

אָנגעדרייט פֿאַר די אויערן, אַזש ב'האָב ש ער ניט געחלשט". "געמסרט האָט ער אים

דעראָנדרייען

אַר, וואָס דער גר־צדק האָט זײַן ייִנגל פֿאַרן -

אויער אָנגעדרייט", ליטוו; ב) גוטמוטיק און אַ ביסל באַשטראָפֿן. "אַלע האָבן אים געוואָלט אַ אַן אויער„, א. קאַרפּינאָוויטש, בײַם ווילנער ,

דורכהויף; ג) אויסניצן קאָניונקטור (געלעגנהייט) און אויפֿשרויפֿן אַ פּרײַז; באַרײַסן.

איבערנעמען בײַם פֿאַרקויפֿן עפּעס. „ער האָט געזען אַז איך באַדאַרף די סחורה, האָט ער מיר אָנגעדרייט אַן אויער“; ד) (וועגן שלעכטער מוזיק) אַ קאַקאָפֿאָניע וואָס דרייט אָן אַן אויער.

2. אָנוויקלען. אַרומוויקלען. אָ, די פֿעדעם אויף דער אָסנאָווע. אָ, באַוול. אָ, דעם באַל סחורה. אָ, אַ באַנדאַזש אַרום פֿינגער. אָ, די רצועות אַרום האַנט.

3. (וועבערײַ) פֿאַרדרייען פֿעדעם פֿון דער אויסגעאַרבעטער קעטע מיט אַ נײַער קעטע (כּדי אײַנצושפּאָרן דאָס דורכפֿירן אַ צווייט מאָל די פֿעדעם פֿון דער נײַער קעטע דורך דער קאַם). 4. אַרײַנדרייען. אײַנפֿעסטיקן. אָ, שרויפֿן, קרוקעס אין וואַנט. אָ, הענגערס אין גאַרדעראָבע־צימער. 5. אויפֿדרייען. אָ, דעם צאַפּן פֿון פֿאַס ווײַן. „האָסט אָנגעדרייט דעם קראַן אין וואַנע?“.

6. מאָלן דורך דרייען. אויסאַרבעטן עפּעס דורך דרייען. אָ, פֿלייש אויף (אין) דער פֿלייש מאַשינקע. אַ, קאַווע־קערנער אין דעם קאַוועמילכל. „ער האָט אָנגעדרייט אַ פֿאָר גאָלדענע שליפֿעס“, פּרץ, 'דאָס שטרײַמל'. 7. דרייען און אָנשיטן, אָנוואַרפֿן, אָנשלײַדערן. „די זאַווערוכע האָט אָנגעדרייט אַ באַרג מיט שניי

פֿאַר דער טיר“.
8. אויסדרייען. אָנבייגן אָן אַ זײַט.
אומדרייען. אָ, דעם עמער און זיך אָנטרינקען.
“דאָס פֿייגעלע דרייט אָן דאָס קעפּל
פֿאַר,
זשמורעט אַ ברעם, און קוקט אויף קאַנאַריקן“,
שלמה גילבערט, 'קאַנאַריק'.
9. איבערדרייען אויף (אין) אַן אַנדער זײַט.
„ז אַ קער געטון, ווי מע דרייט אָן אַ קו“,
,
אָפּאַ, 'הינטערן שלאָס'. 1o. אָנפּריזירן.
אָנדולירן. אָנקרײַזלען. אָ, די האָר. „אַנדערע שערן
האָר פֿון ליַיזיקע פֿון פֿאַרפֿאַסקודעטע
אָסטראָג,
ניקעס און פּוצן דאָס אויס, מאַכן שלייערס,
פֿלעכטן פֿון דעם צעפּלעך, דרייען אָן מכּות
און שלייערן אין דעם אָן אַלע מיידלעך און
יונגע וויַיבלעך„, מרדכי אָסטראָווסקי, אמענטש
אָהן אקאָפּ, זשיטאָמיר 1876.
11. (מיט ביטול, מיט אַ נעגאַטיווער
באַציאונג) אָנפּלאָנטערן. צוזאַמענדרייען. אָנאַרבעטן.
אָנמאַכן. „אָ אַן עסק און פֿאַרקאָכן אַזאַ קאַשע
,
מע זאָל עס אין מויל ניט קענען נעמען“. אָ,

אַ צרה. אָ אַ פֿליאָטקעלע, אַן אינטריגעלע. אָ,

,

א מעשׂה די שטאָט זאָל גיין כאָדאָראָם. אָ אַ

,

-

קריגערײַ, אַ פֿײַער אין שטעטל. "אַמאָל האָט
דער שׂטן אָנגעדרייט, אַז אין גאַנצן מחוז איז
נישט געווען קיין ◌יש", הרבֿ ש. א. הרשקוביִץ,
דער הייליגער שבת, בני־ברק, א"י.

12. אָנהעצן. אונטערהיצן. אונטערבורען.
אָנסטראָיען. אָנרעדן, מאַכן אַז מע זאָל טאָן
ניט לויטן אייגענעם שׂכל. אונטערפֿירן. אָ, די

אָנדרייעריש

שנור קעגן דער שוויגער. אָ, די אַרבעטער צו
בעטן אַ הוספֿה. אָ, די אָרעמעלײַט קעגן די
פּרנסים פֿון דער קהילה. דאָס האָט דער
שוואַרציאָר אַליין אָנגעדרייט. *האָט אים אַזוי
אָנגעדרייט, ביז די ספּרונזשינע (געדולד) האָט בײַ
אים געפּלאַצט = איבערציִען דאָס שטריקל;

אַרויסברענגען פֿון די כלים. *אָ, ווי אַ זייגער=
א) איבעררעדן און פּועלן בײַ עמעצן, יענער
זאָל אויספֿאָלגן וואָס מע פֿאַרלאַנגט פֿון אים;
ב) פֿירן עמעצן בײַ דער נאָז.

13. באַוועגן, שטויסן דערצו עפּעס זאָל
געשען. „וואָס האָט אים דאָ דער גוטער־יאָר
אָנגעדרייט איצטער. ווער דאַרף אים אין דעם
הוהאַ„. “דער שד האָט אים אָנגעדרייט פּונקט
איצטער צו טרעפֿן זיך מיט ראַטנערן„, מ.
טײַטש, אַרום דער פֿאַבריק, מינסק 1929.

14. אָנפֿאַנטאַזירן. אָנבויען, אויסטראַכטן,
אויסלייגן פֿלענער עס זאָל ניט האָבן קיין
ממשות. אָנשווינדלען. אָ, לו□ט־געשעפֿטן. אָ,
מסחרים און אַרײַנפֿאַלן אין טורמע. אָ אַ שידוך

,

□.ט צוויי כלות. אָ, אויפֿן הימל אַ יריד. אָ, אַ
ליגן. אָ, אַ קאָפּ. „למה זה עשׂה לי אלקים,
נאָכוואָס האָט דער רבש“ע עפּעס אַזוי מיט
מיר אָנגעדרייט דאָס גאַנצע געשעפֿט“. ש א.
הרשקוביץ, די אוגערקע, בני־ברק, א„י. “ער
האָט אַנומלט אָנגעדרייט אַ געשיכטע אַז אַ
מיידל פֿון אַכצן יאָר, זייער אַ רײַכע, האָט
זיך אין אים פֿאַרליבט„, טמז, 23 □ □ □ 1965 I.

15. אומפּערזענלעך. קריגן חשק. זיך
פּאַרוועלן. אָנשמעקן. אָנשפּאַרן. „פּונקט איצט האָט
אים אָנגעדרייט צו גיין אין טעאַטער“. „אַז
אים האָט אָנגעדרייט, וועט שוין גאָרניט העלפֿן“.
“[אַנשטאָט] צו זאָרגן זיך..., אין מיטן וואָך
נאָך מעריבֿ פֿאַר זײַנע קינדער, — האָט אים

,

אָנגעדרייט ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ שטיקל
עין־יעקבֿ'“, זש, שקלאָווער קינדער,
מיט ז י ך — „אָנגעדערציילט הרים וגבֿעות

פֿאַר אַ געוויסן וואַטנמאַכער וואָס האָט זיך
אַנגעדרייט אויף דיזער שטעלע„, אמד, דיא שטאָט
הרס, ווילנע 1868. „איך האָבּ מורא געהאַט,
אַז אַ סאָלדאַט פֿון דער גרענעץ־וואַך זאָל זיך
נישט אָ„„ מ. מ. ראָזענבּאַום, עראינערונגען פֿון
אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, נ„י 1921 ־אונג.

.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —
ספּעצ וועבּער אַרבּעטער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט
-
אָנדרייען (← בּ3) ־עריי.
— .
אָנדרייעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע

אָנצודרייען, ספּעצ בּבּ 11 — 14. אָ'ע
גענגעלעך. ־קייט.
אָן דרײַערלעך פֿראַזע. דזוו אָן
דרייד-----
לעך. 1. אָן פֿליטערלעך; אָן צופּוצונגען;
אָן איבעריקע פֿרעמדע, געדריידלטע ווערטער.

,

"וויל איך מיר טאַקע אויסרעדן פֿאַר אײַך מיט
דעם לשון פֿון אַ שוסטער, פּראָסט מאַמע־לשון,
אַזוי ווי איך האָבּ מיך געלערנט אָן קונצן, אָן
ד,", בּ. בּעקערמאַנן, דער יודישער שפּיעגעל
[זבּ], וואַרשע 1895. 2. אָפֿן, אָן אַ
הינטערמיין; אָן זײַטיקע, בּאַהאַלטענע, פֿאַרשטעלטע
כּוונות. אַ מענטש אָן ד', אַן אָפֿענער
איין□

און־צוואַנציק.

1495

אָנדרילן — טרוו. דריל אָן, □,גערדרילט. פּפֿ:
□..,,דרילעווען, □,דרעלעווען. מאַכן אַ
סך לעכער מיט אַ דריל; בּויערן אַ לענגערע

צײַט. "דער צאָן־דאָקטער האָט מיר אָנגעדרילט דאָס גאַנצע מויל צײַן". *אָ, אַ קאָפּ = נגען, עגבערן, נודיען מיט אַ סך רייד.

אַנדרימלט — אַדי. ← דוווו. פּפֿ: אַנדרע—מלט. „[זי איז] אַרויס פֿון איר געפּאַקטער קופּע';... אויסצוגלײַכן די אַ'ע פֿיס", בּ. דעמ—בּלין, צוויי און אַ דריטער.

אַנדרימלט ווערן — צזוו פֿטמ אַנשטאָט אַנטדרימלט ווערן. 1. אײַנשלאָפֿן מיט אַ לײַכטן שלאָף. אַנטשלאָפֿן ווערן. "און ▯ ער מלך איז אַ, געוואָרן אויף דעם ספֿר", נחבֿ, 'מעשׂה במלך שכּבֿש מדינות'. „איך הייב אָנעט לייענען קריאת־שמע מיט געפֿיל, די אויגן קלעפּן מיר זיך און ווער בּאַלד אַ',,, ממוס, פֿישקע. „ רעדנדיק איז זי אַ, געוואָרן", ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. „סאָסי... איז אויס מידיקייט אַ, געוואָרן מיט אַ קאַרטאָפֿליע אין איין האַנט און מיט דעם מעסער אין דער צווייטער,,, ש. ש. גרינפֿעלד, דיא ארמע געבילדעטע, ווילנע 1896.

2. אויפֿהערן פֿונקציאָנירן. קומען צו אַ שטילשטאנד פֿאַרשטאַרט ווערן. „די פֿיס זײַנען מיר אַ, געוואָרן". אויך: אַנדרימלען, אַנשטאָט אַנטדרימלען.

אָנדרינגלעך — אַדי. צודרינגלעך.
אָנדריקלעך. "בשעת אַן אָ'ער מינוט אָנגעהויבן צו זידלען,,, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924.
אָנדרינגען — טרוו. דרינג אָן, ~געדרונגען.
אַרכ. 1. אָנפּאַקן. אָנשטאָפּן. אָנפֿילן. "דא נאַם ער איין גרושן האבֿן מיט שמאַלץ און, איין זאַק מיט ברוט אַן גידרונגן,,, בבֿא־בוך, 459. 2. צודרינגען. צושטיין. אונטעראײַלן. ,,און אַז דער מורגין שטערן אויף גינג, דא

,

דראנגין דיא (מלאָכים) אַן, און, זאגטן [צו לוט],,, צאינה, יח, ג. 3. אָנדריקן. צודריקן. באר התורה פֿאַרטײַטשט ,ותלחץ, (במדבר, בב, 25): ,,און זי האָט אָנגעדרונגען" [תּי ,,און האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט, און צוגעדריקט בלעמס פֿוס צו דער וואַנט,,].
אָנדרינ(ד)זשען — טרוו. ־(ד)זשע אָן, ~ געדרינ(ד)זשעט. 1. דזוו אָנדראַפּען, ב2 ←, אָנדראַקען ... "וואָס האָט ער אָנגעדרינדזשעט? מע קען דאָך ניט איבערלייענען,,. 2. אָנשפּאַלטן. אָנקלאַפּן. אָ אַ וואַזע, אַ טאָפּ. 3. דזוו

,

אויסדרינדזשען, בּ1 218 ..
אָנדריסקען — דזוו אָנדרישטשען ←. דזוו
אָנדאָסן , אָנמאַכן ..
אָנדריפּען — אוטוו & טרוו. ־פּע אָן, ~
געדריפּעט. 1. אָנטריפֿן. אָנשפּריצן. אָנגיסן.
פֿאַרגיסן. אָנגאַווערן. אָ, אויפֿן טישטעך. אָ, סליונע
אויפֿן שניפּס, אויף די הויזן. 2. אָנשמוצן.
אָנחזירן. אָ, מיט די בּלאָטיקע שיך די גאַנצע
(איבּער דער גאַנצער) פֿאָדלאָגע. 3. דזוו
אָנדריסקען ←. 4. בּמקום־ווערבּ פֿאַר אָפּטאָן,
אָנאַרבּעטן עפּעס שלעכט. אָ אַ בּריוו אָן אַן
,
אונטערשריפֿט. אָ, אַ בּגד מע זאָל עס ניט

אַנדרעמלט

קענען אָנטאָן. אָ, אַ וועטשערע אין מויל ניט
צו נעמען. ־ען. ־עניש.
אָנדריק — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנדריקן. אָ, אונטערן האַרצן. אָ, אויפֿן פֿוס.
אָ, פֿון עלעקטרישן קנעפֿל. אָ, אויף די
קלאַווישן. 2. נעאָל, מוו. דרוק. השפּעה. „ער
לערנט זיך פֿאַמעלעך אויס מיאוסן זיך

אונ־ ן דער דערציאונג,,, מוו איבז פֿרויד,

טערן אַ, ו ,

פּסיכאָאַנאַליז....

אָנדריקלעך — אַדי. וואָס מע קען אָנדריקן.

וואָס דריקט אָן. אָ'ער הייבער. אָ'ער ווייטיק.

אָנדריקן — טרוו. דריק אָן, .־,געדריקט.

1. לײַכט אָנקוועטשן. אָנפּרעסן. אָ, דאָס גלעקל. אָ, די קליאַמקע פֿון טיר. אָ, דעם פּעדאַל, די קלאַווישן פֿון קלאַוויר. אָ, דעם ,סטאַרטער, פֿון אויטאָמאָביל. *אָ, אַלע קנעפּלעך = אויסניצן פֿאַרבינדונגען, באַקאַנטשאַפֿטן כּדי עפּעס צו פּועלן. 2. אָנטרעטן. אַרוי טרעטן. אָ, עמעצן אויפֿן פֿוס. אָ, די זײַטן בעת אַ גרויסן געדרענג. *אָ, עמעצן אויף אַ (די) הינעראויג(ן) = א) אָנרירן, (אָנ)טרעפֿן עמעצן אויף אַ שוואַכן פֿונקט, אויף אַ קראַנקן, סענסיטיוון אָרט; ב) אַרײַנברענגען אין כּעס, אַרויסברענגען פֿון די כּלים.

3. אײַנדריקן. אײַנפּרעסן. אָנשטאָפּן. אָ, די אָנגעפּאַקטע וואַליזע זי זאָל זיך צומאַכן. אָ, שטרוי אין שטרויזאַק. אָ, וואָס מער אוגערקעס אין פֿאַס אויף אײַנצוזײַערן. 4. דריקן אויף עפּעס און (איבער)לאָזן אַ סימן. אָ, אַ האַנט

אין נאַסן צעמענט. אָ, מיט שווערע פֿיס אויף די בלומענבייטן.

5. שטאַרק דריקן אויף עפּעס. אָ אַ בלײַ,

פּען אויפֿן פּאַפּיר עס זאָל דורכגיין דורך דער קאָפּירקע. אָ, מיטן גאַנצן גוף, מיטן גאַנצן כּוח. אָ, מיט דער פֿלייצע די טיר, מע זאָל זי ניט קענען עפֿענען. אָ, מיטן פֿוס דעם פּאַק, מע זאָל קענען שטײַף פֿאַרבינדן דעם שטריק.

6. אָנרײַבן דורך דריקן אויף עפּעס. אָ, אַ וואונד פֿון אַ פּאָר ענגע שיך. אָ, מאָזאָליעס אויף די הענט פֿון גראָבן מיט דער לאָפּעטע.

7. אָנווענדן סטראַשונקעס, (פֿאַלשע) צוזאָגן. אויספּרעסן, אַרויסקריגן דורך דריקן עמעצן. אָ, (אויף) די בעלי־בתּים זיי זאָלן נאָכגעבן די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער. אָ, אויף דער אָרעמער באַפֿעלקערונג מיט פֿינצטערע גזירות.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

־ער — אויך: מכשיר אָנצודריקן. "צעזעגט ער אויף צווייען אַ שטיקעלע אײַזן, פֿאַרשפּיצט עס

פֿון אונטן... — פֿון דעם וועט אַן אַ, ווערן",

סוצ, געהיימשטאָט.
אָנדרישטשען — אוטוו & טרוו ־שטשע אָן,

·

~געדרישטשעט. שטאַרק אָנשמוצן,
אָנבּרודיקן. אָנמאַכן צוֹאה (בּײַ אַ לויזן מאָגן). אָ, אַ
פֿולע שטובּ. אָ, אין שטובּ.
אַנדרעמלט — דזוו אַנדרימלט ←. "פּאַן
ווינקלער [לייענט אַ צײַטונג] און ווערט...
בּיסלעכווײַז אַ"', יהושע פּערלע, 'נײַן אַזייגער
אינדערפֿרי'.

אָנדרענגען

אָנדרענגען — טרוו. דרענג אָן, ~געדרענגט.
פּד. אָנקוועטשן, אָנדריקן. אָנשטופּן. אָ, אַזוי
פֿיל זאַכן אין איין זאַק.
אָנדרעסטשען — דזוו אָנדראַפּען, בּ2 ←,
אָנדראַקען .. דזוו אָנדרינדזשען, בּ2 ←.
אָנדרעקסלען — טרוו ־סל אָן, ~געדרעקסלט.

אָנטאָקן. אָ, הענטלעך פֿאַר שטעקנס.
אָנדרעשן — טרוו. דרעש אָן, ־,געדראָשן
(,געדרעשט, פּר) פֿאַרענדיקן דרעשן אָדער

.

דרעשן אַ סך. אָנמ(אָ)לויצען. אָ, אַ באַרג תּבֿואה.

אָ, די ביינער = גוט אָנקלאַפּן. אָנממיתן.

־דנ.

אָנדרש(ע)נען — [... דאַרשענען] אוטוו &

טרוו דרשן, דרשע אָן; .־,געדרשנט, ־דרשעט.

1. איר (אָנ)רעדן אַ סך. דרש(ע)נען אַ לענגערע צײַט. אָ אַ גאַנצן אויפֿדערנאַכט און קיינעם

,

ניט לאָזן קומען צום וואָרט. ״האָסט שוין אַזוי פֿיל אָנגעדרשעט, אַז עס שלאָגט אַזש צום האַרצן״. „עס איז דאָך באַקאַנט וואָס עס האָבן אַלץ אָנגעדרשנט וועגן דעם אונדזערע שׂונאים סײַ ון רעכטס סײַ פֿון לינקס״, צײַט, טמז, 2 .23 1968 II. אַרײַנזאָגן מוסר פּירוואַרפֿן

אין לאַנגע לעקציעס, רעדעס. אָ, די קינדער אין קלאַס די זעלביקע דרשה וועגן זײַן גוט און פֿרום. 3. אָנפּשטלען. אַרײַנטײַטשן. אומלאָגיש אויסטײַטשן. אָ, וועגן אַ פּסוק, דער עולם זאָל אַ וואָרט ניט פֿאַרשטיין. אָ, אויף דער פּאָעמע אַ גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע. מיט ז י ך.

אָנהאָבּן — אַקוזוו. האָבּ אָן, ~געהאַט.

1. ארכ. מייִ. האָבּן, טראָגן אויף זיך (אַ בּוו, שוכוואַרג); זײַן אָנגעטאָן, אײַנגעוויקלט, אַרומגעוויקלט אין עפּעס. „זײַן גוטס האַרניש דען האָט ער אַן“, בּבֿא־בּוך, 367. “... [ער] מיט דען מיליר לבאלכי קומן איזט אויף דען סוס לבֿן אונ, קיין ◌רבּל אהן גיהאט“, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [◌ש III]. „אונ, די דא טראָגן [די מיטה], זאָלן אַך שוואַרצי קליידר אַן האבּן“, ספֿר החיים פֿיורדא 1767. „אַך אַזו

,

מיט תּכריכים וואשׂ דשׂ מת נאָך ניט אַן הט גהאט מאג ער זיא צו וואשׂ ער וויל גבּרויכן“, ש פֿראַנקפֿורט, ס◌ר החיים, זולצבּאַך תּקנ“א,

.

יג/ב. “אַפֿילו אין דער שולן זאָל מן זיא [די תּפֿילין] ניט לענגר אַן האבּן נייארט בּיז נאָך דער (תּפֿלה)“, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק“ח, יא/ב. „איין עושר דער גר (חשובֿ) אַן גקליידט וואהר איזט פֿר איינן (חכם) פֿר בּײַא גיגאַנגן דער צו ריסינה קליידר אַן גיהאט האָט“, ס◌ר מ◌חר הפּנינים, הומבּורג תּצ“ט, כט/ב. “דו זאָלסט אַלע צײַט שיך אָ, אַן דײַן

פֿיס", ר, אבֿרהס עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם, לאַשטשעוו 1817.

2. אַ סך געבּערן. אָנקינדלען. "זי וועט מיר אָ אַ סך קינדער, פֿופּקעלעך וואָס וועלן מיר ,
פֿאַרדרייען דעם קאָפּ,,, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע

3. אַרכ. קריגן. דער ילן. דערשפּירן. "פֿר אַלרלייא קדחת. זול ער ואַשֹטן [— פֿאַסטן] -
דען זעלבֿן טג דא ערשׂ אַן הוט...", כּ"י 'ספֿר הרפֿואות, 1474 [זש,, דווקא, No 17] ־עניש.

.

1496

אָנהאַבּעווען — טרוו ־בּעווע אָן, ~ געהאַבּע.

ווער. פּ : ,האָבּעווען. אַרײַנקריגן, אַרײַנכאַפּן. מיט אַלערליי (ניט־כּשרע) מיטלען אָנקלייַבּן, אָנזאַמלען, אָנזשויבּן פֿאַרמעגן, עשירות. אָ, שטיקער גאָלד און קיינמאָל זיך ניט בּאַרואיקן. ,,דער דײַטשישער איבּערזעצער גיט

איבער אָט דעם פֿאָלקסטימלעכן ייִדישן וואָרט
אָ'... מיטן בלאַסן און טרוקענעם דײַטשישן
וואָרט 'ערווערבן'", דר, ה פֿראַנק אַש, 1949

,

18 III. אויך מיט ז י ך.
אָנהאָגלען — אומפּ. ־גל אָן, י.,געהאָגלט.
אוטוו — פּלוצעם אָנהייבן האָגלען. ,,עס האָט
אָנגעהאָגלט און אויגעהערט". אַקוזוו אַ

סך, אַ לענגערע צײַט האָגלען. ס'האָט
אָנגעהאָגלט גאַנצע קופּעס. ־ונג.
אָנהאַדיען — טרוו ־דיע אָן, ..־,געהאַדיעט.
.
אוקר. אָנטאָן שלעכטס, פֿאַסקודסטוועס. אָ,
אַ בייזע אינטריגע. מיט ז י ך — ,,מע מוז
זען אַלע מעגלעכקייט צו טאָן און דער חצופּה
אויסדינגען דעם שענק, זי האָט זיך גענוג
אָנגעהאַדיעט, די פּאָדלע ש ילה", קאַלמוס'... פֿון
אַ זעלטענעם ברית..., וואַרשע 1882.
אָנהאָדעווען — טרוו. ־דעווע אָן, ..,
געהאָדעוועט. 1. אָנקאָרמען. געבן (אַ סך) צו עסן.
אָ, די קאַראַפּוזיקלעך. ,,אַז דײַן שׂונא איז
הונגעריק, האַדעווע אים אָן מיט ברויט, איז ער

דאָרשטיק — גיבֿ אים וואַסער,,, מס, משלי
תּקע,,ד, כה, 21. ,,האָדעווע קוֹדם אָן דײַנע
קינדערלעך זאָלן לעבֿן", ספּר שבֿחי רמ"ל,
לעמבערג, יאָר? "זי האָט פֿאַרשפּראָכן אין זינען
דיך הײַנט אָ, מיט טויט־סם", ג'ל'כ'ז, [איבֿז],
קאַמבער מיט דער פּרינצעסין אַרעסיניע, ווילנע
1870. ,,ערשטנס, וואָלט ניט געווען... אַזאַ
אומגליק, ווען מיר זאָלן חלילה אָ'... אַן
אָרעמאַן... מיט בלינצעס", שע, טבֿיה. "דענסטמאָל
איז פּענעקן... געבליבן איבערצוטראָגן שימקען
אין בעט אַרײַן, אָ, קריינדלען און... לייגן
שלאָפֿן", בערג, בײַם דניעפּער II.
2. באַשפּײַזן. געבן עסן אַ לענגערע צײַט.
"דאָרט האָט מען אים אויסגעקליידט,
אָנגעהאָדעוועט, און עס האָט אים... זייער געפֿרייט",
ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. *אָ, מיט אַלע
פֿאַסקודסטוועס = אויך ◌ יג. (אָנ)שטאָפּן דעם עולם
מיט ביליקן לייענשטאָף, מיט פֿאַלשע צוזאָגן,
מיט ביליקער פּראָפּאַגאַנדע, מיט שקר.
3. (אָנ)פּאַשען, קעכלען, מאַכן פּעט עמעצן.
אָ אַ בײַבאַק מיט אַ פּאָר פּיסקעס. אָ אַ בײַכל,
,   ,

אַ נישקשהדיקן גוידער.

4. איר. אויפֿבֿרענגען. דערציִען אַ צאָל. אָ,
אַ חבֿרה פּיקערלעך, אומזיטטע פּרעסערס. אָ,
פּאַראַזיטן, 'דאַרמאָיעדניקעס'.
5. קולטיווירן אַ צאָל, אַ סך; אָפּהיטן. אָ,
טאָמאַטן. "עס אַליין אָ, מיט גרויס קענטשאַפֿט",
יג, טמז, 5 4 19 X.
מיט ז י ך — "ער לאָזט זיך אָ, אין די
רעסטאָראַציעס... מיט איבערגעשטאַנען עסן פֿון
פֿאַרשטונקען פֿלייש", יי אָל, 12 1883, No.
,,מאירקע האָט מיט זײַן אויפֿפֿירונג זיך געהאַט
אָנגעהאָדעוועט אַ סך שׂונאים,,, א.

קאַרפּינאָאָנהאַלט

וויטש, בײַם ווילנער דורכהויף, ת,,אָ 1967. אָ,
זיך אַ וואַזשנע קרענק. אָ, זיך אויף יענעמס
בלוט. —ענישׁ.
אָנהאַווען — אוטוו ־ווע אָן, ~געהאַוועט.
.
שמײַען, לויפֿן, (אַרומ)יאָגן זיך (עפּעס צו
פֿאַרדינען). אָ, אַ גאַנצן טאָג און פֿאַרדינען וואַסער
אויף קאַשע. מיט ז י ך. ־עניש.
אָנהאַווקען — אוטוו. ־קע אָן, ~געהאַווקעט.
1. פֿלוצעם, מיטאַמאָל אָנהייבן האַווקען, בילן.

אָ, אויף די דורכגייער. אָ, אויף דער לבָנה. אָ,
פֿון ווייטיק. 2. האַווקען אַ לענגערע צײַט. ,,דאָ
הענגט ער זיך איר אָן אויפֿן האַלדז
אונטערשפּרינגענדיק און אָ'דיק אירע פֿולע אויערן,
ממוס, שלמה. 3. רעדן, געבן באַפֿעלן אויף
אַן אופֿן וואָס זאָל דערמאָנען אין (אָן) בילן
(פֿון אַ הונט). אָ, אויף די אַרבעטער. אָ, אויף
די זעלנער זיי זאָלן גיכער מאַרשירן. מיט
ז י ך. ־עניש. ־ערײַ.
אָנהאָזעווען — אַקוזוו. עפֿעמעריש אין

פֿאַרבינדונג מיט 'אויערן,. ,,די פֿערד האָבן
אָנגעהאָזעוועט די אויערן און גענומען שטעלן
ליטקעס,,, מ אַלבערטאָן, סאָוו, היימלאַנד, 1967,
.No 8
אָנהאַט(י)ען — טרוו. ־ט(י)ע אָן, ~
געהאַט(י)עט. [,] [1ד .<   :] ara. אָנשאַרן.
אָנהורבען; אָנוואַליען. אָנבערגלען. אָ, אַ שטויס
מיט ביכער. אָ, אַ קעלער קאַרטאָפֿל. אָ, אַ
גרעבליע = מאַכן אַ גרעבליע (דאַמבע). ,,גאַנצע
צימערן האָט ער אָנגעהאַטעט פֿון פֿאַרשיידענע
... טעצלעך, טאַצן, וואַזעס“, נס, משפּחה

מאַשבֿער. 2. אָנקלײַבֿן. אָנשנאָרן. „אַ גאַנץ לעבֿן
האָט ער געהאַלטן אין אָ, אַ רײַניש צו אַ
רײַניש“. 3. מג אָנבֿרענגען. צונויפֿטרײַבֿן.
„אונדזער נײַער שכן האָט אָנגעהאַטיעט אַ שטובֿ
מיט קינדער קיין עין־הרע! זיי קערן דאָרט
איבֿער די שטובֿ האָרן־קאָרן“. ־עכץ.
־עניש.
אָנהאָטשקען (זיך) — דזוו אָנהאָצקען
(זיך) ..
אָנהאַלבֿירן — טרוו ־בֿיר אָן, ~געהאַלבֿירט.
.
צעטיילן אויף צוויי העלפֿטן אַ גרעסערע צאָל
זאַכן. אָ, לעבֿלעך בֿרויט. אָ, עפּל. אָ, בֿרעטער.
אָנהאַלדזן — טרוו. האַלדז אָן, ~געהאַלדזט.
אָנצערטלען; אַרומנעמען און גלעטן, קושן.
“— קרוינעלע, האַרצעלע, וואָס איז דיר
געוואָרן? — אָנגעקושט און אָנגעהאַלדזט און
אַוועקגעפֿאָרן“ ל. „האָט גענומען זײַנעביידע
,
קינדער און האָט זיי אָנגעהאַלדזט און
אָנגעקושט“, מחה בֿרייטמאַן, די געשיכטע פֿון
אַ לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. מיט ז י ך —
„אָנגעהאַלדזט זיך, צעקושט אויפֿן רוסישן

שטייגער...,,, מוק, פּרץ און דאָס ייִדישע טעאַטער.

אָנהאָלדערן — דזוו אויסהאָלדערן ←, 219.

אָנהאַלט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנהאַלטן (זיך). אַ פֿעסטער אָ'. אַ שטענדיקער אָ'. “דעריבער איז נישט איבערגעקערט געוואָרן צו גוטס ממש, וויבאַלד ער

אָנהאַלטונג

האָט נאָך וועלכן ס'איז אָ, אין די אַלע שמוציקע קליידער,,, תּניא, 29. 2. אָנשפּאַר, אָנלען, פּאָדפּאָרע, אונטערהאַלט. אָ, אין (אָן) פּאָרענטש. אָ, פֿאַרן אַלטן בוים. אָ'־הענטל אין אונטערבאַן (מעטראָ).

3. שטיצפּונקט. דזוו אָ'פּונקט. אָ, פֿאַרן הייבער. אָ, פֿאַרן שענדעליר אין סופֿיט. ,,זוך איך אַ צעגאַנגענער אַן אָ, וואו אומזיסט, ווי דאָס גאַנצע וועלטאַל וואָלט צערונען ווערן“, אַל II.

4. פֿיג. דזוו בב 2־3. אַחיזה. געפֿינען, קריגן, האָבן, פֿאַרלירן אע אַן אָ, אין ל ע ב ן. אָ, ￼ין דער געזעלשאַפֿט. ,,ער האָט... דערפֿילט אַז דאָ קאָן ער... געפֿינען יענעם אָ, אין לעבן, יענעם אינהאַלט וועלכן ער זוכט,,, שנ, שלום

אַש. „קיין אַחיזה, קיין אָ, אין דעם ייִדישן
גײַסטיקן לעבן, קיין קרובישאַפֿט מיט דעם...
רעליגיעזן לעבן“, מוק, טעאַטער.... „ניט
בלויז אַ זעלטן שיין מיידל איז אָט ד מאַניע,
י
נאָר פּשוט אַן אָ, אין לעבן„, בערג, בײַס
דניע□ער □I.

5. אונטערשפּאַר פֿאַר פּרנסה. אויסהאַלט. אויפֿהאַלט. יניקה. אָ, אין דער משפּחה. „מײַן איינציקער אָ, איז מײַן אַרבעט“. „קלערט און טראַכט אַזוי לאַנג, ביז ער געפֿינט עפּעס אַן אָ, — איך ווייס, אַ ווײַטן קרובֿ, אָ שטיקל באַקאַנטן“, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.

6. סמך. באַזע, יסוד, פֿונדאַמענט. (ניט) האָבן אַן (קיין) אָ'. אָ, פֿון (אין) אַ טעאָריע. אָ, אין אַ געזעץ. אָ, אין אַן אידיי(ע). „און, אויף דעם פֿרעגן אַלי דיא (חכמי פֿליסופֿיא) זיא זעלטן גערן ווישֿן וויא דיא נשמה איין אַן האַלט אַן דעם גוף דען פֿון עסן האָט דאָך דיא נשמה קיין הנאה ניט“, עח, כ/ב. “די אַלף איז דאָס ערשטע אות פֿון דעם אַלף־בית. איז פֿאָרט מיט איר ניט באַשאַפֿן געוואָרן די וועלט, ווײַל מיט איר ווערט געלייענט דאָס וואָרט (אָרור), וואָלט[ן] חלילה די קליפּות געהאַט אַן

אָ',,, נצ2, מט/א.

7. וויַטערדיקער געדויער. המשך. אָנגאַנג. אָ, פֿון מלחמה־צושטאַנד. אָ, פֿון טעראָר, שקר. אָ, פֿון קולטור. נאַציאָנאַלער אָ, און אויפֿהאַלט. ,,אויך האָט דער פֿלאַם קיין אַן האַלט ווען קיין ליכט איז דר צו, דהײַנו אַן דעם צויכן האַלט זיך דער פֿלאַם'', עח, א/א. ,,מיר דערציילט דעם אָ, פֿון דעם גאַנצן עסק'', ספֿר מגילת איבֿה, לובלין 1895. ,,שטיצט ער אַלע יענע קערפּערשאַפֿטן און באַוועגונגען, וואָס אַרבעטן פֿאַר דעם אָ, און דערוואַכונג פֿון ייִדישער אידענטיטעט'', טמז, 1966 ▫ 8. 8. אַרכ. באַפֿעל. דירעקטיוו. ,,אונ, אויף דעם אהן הלט פֿון מוסיער בראקרער שעניראַל זאָל בר ישׂראלי, פֿר באטין זײַן בײַא ליבֿ שטרוף קיין דמות צו האבֿין שנעשׂה בקאַר־פֿרייטאג'', כּ''י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III].

אָנהאַלטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנהאַלטן (זיך). ''דאָס זײַנען די קליפּות און סטרא־אַחרא און זייער אָ, אין אים איז דורך די שס''ה מצוות לא תעשׂה'', תּניא, 30. ''איך זע אַז מײַן גאַנצע אָ, וואָס איך פֿאַרזיכער מיך אויף דער וועלט איז גאָר פֿאַלש'',

א. פֿאַוויר איבֿז, בחינות עולס, ווילנע תר״כ.
„זי געינט זיך קיין שטיצונג, קיין אָ, אין זיך אויף וואָס זי זאָל זיך קאָנען אָנלענען,„ איבֿז, שפּערלינג די קאַראַימישע מיידכען..., וואַרשע 1899.
אָנהאַלטיק — אַדי. נעאָל, מוו. 1. וואָס האַלט (לאַנג) אָן. וואָס איז דויערדיק, ממשותדיק. אָ'ע דיקטאַטור. אָ'ע אָרעמקייט. 2. וואָס דינט ווי אַן אָנהאַלט, אָנשפּאַר. אָ'ע שטאַנגען. ־יקייט.
אָנהאָלטיק — אַדי. וואָס מע קען ניט האָלט (ליבֿ) האָבן. „זי איז עפּעס אַזאַ אָ'ע מיידל„, רייד (קאָוונע).
אָנהאַלטלעך — אַדי. וואָס מע קען (לאָזט) זיך (אָנ)האַלטן בײַ דעם. „דער צופּעליקער שאַבֿלאָן אין שפּראַך טאָר ניט באַטראַכט ווערן ווי דאָס שטענדיקע און אָ'ע„, ימ, (אין אַן אויסגאַבֿע ווען ייִוואָ, קאָוונע 1926) —קייט.

.

אָנהאַלטן — טרוו. האַלט אָן, ~געהאַלטן.
1. אָננעמען עפּעס און האַלטן. אָ, די שטריק בײַם קלעטערן אויפֿן באַרג. אָ, די לײַסט. אָ,

דעם פֿאַק שמאַטעס. אָ, דאָס קינד בײַם
הענטעלע. „,... וויא איין קליינר הענגט זיך אַן איין
גרושׂ□ן אַן אים אַן צו הלטין„, עיון, נב/ב.

2. פֿעסט האַלטן. אָ, דאָס רענצל מיטן געלט,
מיט די וויכטיקע דאָקומענטן. אָ, דעם
רעטונגבּייגל. אָ, דעם גנבֿ בּיז פּאָליציי וועט קומען.
אָ, די צונג מיט אַ לעפֿעלע.

3. ממשיך זײַן אַ טואונג. ווײַטער טאָן עפּעס.
אָ, די אַטאַקע. אָ, די שיסערײַ, די אָ□ ענסיווע.
אָ, דעם הונגערשטרײַק. אָ, די פֿאַרטיידיקונג
פֿון דער שטאָט. אָ, די פּראָבּע. אָ, דאָס לערנען,
דאָס שטודירן. „,... אַן גהלטין אויף זמנים
צו צאלין„, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, כּ״י
'מגלת איבה', 1703.

4. אײַנהאַלטן. ניט בּײַטן דאָס וואָס איז
(אַפֿילו ווען מע דאַרף זיך אָנשטרענגען דערצו).
אָ, דעם קורס. אָ, דעם בּאַלאַנס פֿון די כּוחות.
אָ, עמעצן בּײַ אַן אַרבּעט. „,איך קען די
קינדער ניט אָ, בּײַ אַ מלמד זיי זאָלן לערנען
תּורה“, מ. מ., דער פֿאַלשער אליהו הנ□יא...,
וואַרשע תּרס״ג. „,רבֿקה, זאָלסט אים זען
אָנצוהאַלטן אין חדר און ניט בּאַלעמוטשען אים
פֿון לערנען“, אַש, תּהילים־ייִד. „,מע זאָל אָ,

וואָס מע האָט אויף זיך פֿאָרגענומען מיט אַ נדר... אָדער ער האָט אויף זיך גענומען צו געבֿן צדקה פֿאַר אָרעמעלײַט — בּרויך ער אַלץ אָ',,, ספֿר המצוות, וורא
אָנאָוו, נ, ט, 1935.

5. ממשיך זײַן אַ מצבֿ. אָ, אַ טעראָר איבּער דער בּאַפֿעלקערונג. אָ אַ געוויסן סטאַנדאַרד.

,

אָ, דעם ניוואָ. אָ, פּרעסטיזש. אָ, שטאַט. אָ, פֿאַסאָן. אָ אַ פֿאָזיציע, אָ אַ שטעל(ע). אָ,

, ,

ס'לעבֿן. אָ, ס'חיות. *ער וועט לאַנג ניט אָ, = א) ניט לעבֿן; בּ) ניט אויסהאַלטן, זיך מוזן אונטערגעבֿן; ג) ← בּ ,,אויפֿהאַלטן דעם קיום בּאַטײַט נישט בּלויז אָ, דעם פּראָצעס פֿון לעבֿן... מיט זיי ראַנגלען מיר זיך פֿאַר אָ, דאָס לעבֿן און קעמפֿן פֿאַר אונדזער קיום“, ייִבל XI. “אונדזער פֿאָלק האָט דאָך

אָנגעאָנהאַלטן

האַלטן דעם קיום זײַנעם אין גאָר אַ גרויסער
מאָס צוליבֿ דעם היסטאָרישן זכּרון“, אפֿא
טמז, 3 XII 19▯4.
6. אויפֿהאַלטן. אײַנהיטן. אָ אַ טראַדיציע. אָ,
,
די אמונה. אָ, די קולטור. „די תּרי“ג מצוות
וועלכע נעמען זיך פֿון זײַן חכמה יתבּרך, כּדי
אָנצוהאַלטן דעם אור פֿון דער שכינה„, תּניא,
עה/קמט.
7. ממשיך זײַן אַן איבֿערלעבֿונג, אַ
דויערדיק געפֿיל. אָ אַ בּרוגז. “הקדוש בּרוך הוא
,
מאריך אַף וגבֿי דיליה, גאָט האַלט לאַנג אָן
זײַן צאָרן אָבֿער... ער שענקט נישט קיין
האָר„, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע
1898.
8. ממשיך זײַן אַ בּאַציאונג. אָ, אַ
קאָרעספּאָנדענץ, אַ פֿרײַנדשאַפֿט. אָ, פֿרײַנדלעכע
בּאַציאונגען. אָ, קאָנטאַקט. אָ, אַ מחלוקה. “זוכט
ניט קיין חסרונות, האַלט ניט אָן פּרעטענזיעס“,
צבֿי־ניסן גאָלאָמבּ▯ די בּורזשואַזיע, וואַרשע
1906. „זי בּאַמיט זיך צוליבֿ איר מאַן

אָנצוהאַלטן דעם שלום“ פֿאָר, 1967 ׀ 8.

,

9. אַ לענגערע צײַט אָנפֿירן עפּעס. אָ אַ

,

וואַרשטאַט, אַ געשעפֿט. „ער מעג זיך זײַן אַ קנאַפּער 'מכשף, אין דער מלאָכה, קוים האַלט ער אָן אַ שנײַדער־טיש הייסט ער שוין ' טיילאָר,“, י. בּודזאָהן, דער גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927. *ער וועט לאַנג ניט אָ, = ניט קענען לאַנג פֿירן דאָס געשעפֿט, וועט בּאַנקראָטירן.

1o. אוטוו, דריטפּערזאָניק. ציִען זיך אין צײַט. געדויערן. דער פֿראָסט האַלט אָן. די עמיגראַציע האַלט אָן. די מלחמה האַלט אָן. דער שטורעם האַלט אָן. דער קריזיס האַלט אָן. דער אַנטיסעמיטיזם האַלט שוין אָן דורות. נאָכווייענישן נאָך דער קראַנקייט האַלטן אָן. ס'וועט אָ, ווי דער גלות. עס וועט לאַנג ניט אָ'. ס'וועט אָ, פֿון אסתּר־תּענית בּיז פּורים. ס'האַלט אָן ווי רבֿ שמואל וואָלס מלוכה [= איין טאָג]. “אַ מאַן איז אַ גלות אָבֿער דער גלות זאָל לאַנג אָ',„ שוו. „ניט מער זאָל אָ, די גויאישע נאמנה (אמונה)„ פֿוול. „אַ פּאָר וואָכן

,

האָט די קראַנקייט אָנגעהאַלטן,,, בּ. גאָרין, דיא מזיקים.. , נ,,י 1900. ״אַזוי האָט דער סוד אָנגעהאַלטן וואָכן און מאָנאַטן״, אַר, 'די פֿרוי וואָס אַרבּעט'.

11. (אָנ)קלאַמערן, אָנבּינדן אין עפּעס (עמעצן). בּאַשטיין אויף עפּעס. אָ, צ ו דער ערד. אָ, צ ו דער אַלטער דירה. אָ, צום פֿאָרשלאָג. אָ, צו (אָן) דער טעאָריע. אָ, צו (אָן) דער תּורה. אָ אָן דער אמונה. ,,זיא דען מאַן אַן הלט צו

,

אַלין בּויזן״, בּראַנט, פּרק ו. ,,אונ, זיא האָט דאָך אַן גהאלטן אין איר גכּעט,,, שאַר, צט. ,,אויבּ איך שונט אצלו אַן גיהאַלטין אויף מײַן כּתובּה, אבּיר האבּ זעלבּירט גיזעהן דאז ניקשׂ צו קריגין איזט גיוועזין״, גה, 310. ,,הבּן די יהודים זעלבּרט אַן גהלטן... זול מן זי תפֿוס האַלטין... דז האבּן זי אַן גיהאַלטן בּײַ דעם משומד, ער זול זי דז אויז ריכטן״, ספֿר מעסtה ה', אַמשט 1725 [הש II]. ,,מיך האָט זי נישט

אָנהאַלטן זיך

אָנגעהאַלטן צו פֿרומקייט״, י. טיגער, דער צדיק און דער בּעל־תּשובֿה.

12. אַרכ. זײַן צודרינגלעך צו עמעצן.
צושטיין. שטאַרק בעטן. מפַּציר זײַן. „דאַרום בּיט
איך דיך אַז איין עלינטי שווישׂטר דשׂ דו ניט
אַנדרש טושׂט דשׂ דו דײַן מן אַן הלשׂט דשׂ ער
מיר שיקט דשׂ געלט...“, פּבֿ פֿון 1533 [
וואַכשטיין־בּוך, ייִוואָ]. „דער פּרנס החודש איז
מחויב אַן צו הלטן אונ, צו מאַכין דז ער דאז
טוט“, תּקק. “דאַך ווײַל דר ווירט האָט דרום
שטאַרק אַן גהאַלטן אונ, האָט אים פֿיל געלט
דר □ר גבֿאָטן, האָט ער זיא [די גאַנדז] □ר
קאַפֿט“, שאַר, קלא, 2. “האָט ער... אַן
גיהאַלטין אויבֿ אים בּעלי זצ“ל וואלטי מיט כּסף פֿאַר
זעהין“, גה, 157. “טוט דיך איין פֿײַנר בּריה
צו גאשׂט לאַדן טוא אימשׂ ניט אפּ שלאגין,
אבֿר ווען דיך צו גאשׂט בּעט איין גמיינר מאַן
לאָז ער עטליכה מאָל אַן דיר הלטין אַן“, עיון,
נז/ב. “און האָבֿ זייער שטאַרק אָנגעהאַלטן אָן
מײַן פֿאָטער ער זאָל מיר ערלויבּעניש געבֿן„,
מעסtoה פּליאות מג, אחים, וואַרשע 1875. “דער
(ילקוט) שרײַבּט דער המן האָט גאָר פֿיל
אָנגעהאַלטן אַחשורוש דאָס ער צו אים די יהודים
זאָל פֿאַרקויפֿן“, ר, אַהרן מטריבש, ספֿר מצח
אַהרן, וואַרשע תּר“ג.

13. ארכ. מייִ פֿאַרהאַלטן. „אַך האָט מן די

.
בריבן פֿון יהודים אַן דיא פּאָשׂט הויז אַן
גהאַלטן אונ, האָט זיא געפֿנט“, שאַר, קלז.
“ווא איינר מעכט היצונדר קומין אונ,
אנהאַלטין איין חתימה צו געבּין...“, 'תּקנות פֿון
פּראָגער חבֿרה קדישא,, תּנ“ב [־[illegible]. [illegible], [illegible]h[illegible]
[illegible]d]. “זיא האבּין המעות משם לכאן גשיקט,
איזט לעתים אַן גיהאלטין ווארין“, גה, 316.
,,מע טאָר נישט אָ, געלט אָדער אַן אַנדער זאַך
וואָס עס קער פֿאַר זײַן חבֿר“, ספֿר המצוות,
ווראָנאַוו, נ, ט, 1935.
14. אַרכ פֿאַרמאָגן. האַלטן ווײַטער בּײַ זיך.
,,המשלוחים(!) הבּין אהן גיהאלטין חריות
[= פּריווילעגיעס] כּמשמעות הקיומים של קיסר
יר“ה“, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669
[פּש III].
אָנהאַלטן זיך — ← דפֿוו. צו בּבּ 1־2: אָ,
זיך אָן עפּעס. “האַלט זיך אָן, וועסט ניט פֿאַלן,,.
“אָן אַ קהלשער קליאַמקע איז גוט זיך
אָנצוהאַלטן“, שוו. “אונ, אַן זײַן (טלית) האָט ער
זיך שטאַרק אַן גהלטן“, מחזור ר“ה ויו“כּ,
הומבּורג 1721, רכח/ב פֿײַער לײַכט נאָר
,, .

ווען עס האָט אַ קנויט אָדער האָלץ... □ײַער
מוז האָבֿן אַ זאַך אין וואָס צו אָ, זיך“, לדבֿ,
מאמר יום־כּפּור, נ״י ת״ש. “האַלט דיך אָן מײַן
יופֿעצע... קוים רײַסטו דיך אָפּ פֿון מיר,
ווערסטו פֿאַרבֿלאָנדזשען אויף אייבֿיק“, פּרץ,
'צווישן צוויי בּערג'. „דא וואַר עז מיט קרעפֿטן
אויף אים גיזעשׂן אונ, הילט זיך אַן אַן זײַני
האָר“, ס□ר משליס פֿ□דמ 1686. „דא האַלט

,

זיך דר מענש פֿאשׂט אַן דיא קרייטר דאשׂ ער
ניט גאַנץ אַרונטר פֿאַלט בּײַא די פֿר גיפֿטיגי
חיות“, לט1, קמט/א. “און איך, ישׂראל, זעץ
זיך איר פֿון הינטן אָ'דיק זיך אָן איר מיט

בּיידע הענט“, ממוס, קליאַטשע. □אָ, זיך אָן
דער מאַמעס פֿאַרטעך = זײַן צעפֿיעשטשעט,
צעבֿאַלעוועט; זײַן שרעקעוודיק, ניט־דערוואַקסן;
ניט זײַן זעלבֿשטענדיק. *(אָנ)האַלטן זיך בּײַ די
זײַטן פֿון געלעכטער = האַרציק, שטאַרק לאַכן
פֿון עפּעס (עמעצן).
צו בּבֿ 4 — 6: *אָ, זיך בּײַם לעבֿן = זיך

קלאַמערן, קעמפֿן פֿאַרן לעבן; ניט ווען
אונטערגיין, ניט וועלן אומקומען. *אָ, זיך מיט די
ציין בײַם לעבן = ווי פֿריִער, מיט אַלע כּוחות.
צו בּבּ 7־8: ,,[בּתפֿשם] ווען די ישׂראל האבן
אַן געריפֿן אונ, האבן זיך אַן געהאַלטן אַן דיר
מיט אירן טענר אונ, האבן זיך פֿר לאזין אויף
דיר", סהמ, יחזקאל, כט, 7, ווילהערמרשדאָרף
1716. "ער איז אַ יודע־ס□ר און ער האַלט זיך
אָן אין גאָטס תּורה", תּניא, 154.
צום בּ 1 1: "תּורה איז עץ־חיים למחזיקים, אַז
מע האַלט זיך אָן אין עץ־חיים — לעבּט מען",
לדבּ, נ"י 1957. ,,אָבער יעקבֿ האַלט זיך אָן אין
זײַנע [עשׂוס] טריט, גייט אים נאָך, וויל אים
נאָכקרימען, קלאַמערן זיך אין זײַן קולטור",
דר, הלל זײַדמאַן, טמז, XII 1967 1.
אָנהאַלטנדיק — אַדי. 1. וואָס האַלט אָן,
געדויערט. וואָס ציט זיך. אָ'ער פֿראָסט,
שטורעם. ,,אָ'ע יאוש־שטימונגען,,, אאר פֿאַש, 53□1
/
3. □ץII. 2. וואָס איז אָן איבּעררײַס. כּסדרדיק.
אומאויפֿהערלעך. אָ'ע עקסיסטענץ. אָ'ע
פֿראָפּאַגאַנדע. אָ'ער טעראָר. אָ'ע שׂנאה. ,,אָ'ער קאַמף
[פֿון אַראַבישע פֿירערס] קעגן מדינת ישׂראל,,,

מ. רי◌לין, טמז, 1964 XII 1.

אָנהאַלטעוודיק — אַדי. וואָס הערט ניט אויף; איז דויערדיק. סטאַביל. כסדרדיק. אָ'ע שפּע. אָ'ער הונגער ־יקייט, לל, ייִבל

.

.XXX ◌ ◌

אָנהאַלטעניש — דאָס (די), ־ן. 1. אָנשפּאַר, אָנהאַלט. אַחיזה. אונטערשטיצונג. „דאָס אָרעמע קלייטל איז מײַן גאַנצע אָ'". „ער זעט אין צדיק זײַן אָ'". "אַן אָרעמע ייִדענע האָט אַהינצו געבראַכט צו פֿירן איר קראַנקן מאַן, איר גאַנצער פּרנסה־געבער, איר גאַנצע אָ'", ממוס, קליאַטשע פֿלעגט ר, חייא... אויסקלויבן...

„

אַ שידוך מיט קעסט און אָ'", פּרץ, ' מסירתנפֿש'. „יאָ, ווי לאַנג ס'איז דאָ אַ ייִדיש וואָרט, האָב איך אַן אָ„„ באַש פּאָר, 29 1959 III.

,

2. פּראָצעס פֿון אָנהאַלטן (זיך). אַן אָ, מיט די לעצטע כּוחות. אָנהאַלטעכ◌ן — דזוו אָנהאַלטעניש, בײַטעם פֿון ביטול.

אָנהאַלטער — דער, ־ס. 1. ווער עס האַלט

אָן. „ער איז מײַן אָ', מײַן שטיצער“. 2.
אָנלען, אָנשפּאַר. אָנשפּאַרן די הענט אויף די אָ'ס
פֿון אַ ווײגשטול פּאָטערשטול. „דער לענדלאָרד
,
[= הויזאייגנטימער] האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין
דער ווײגשטול, אַוועקגעלייגט די צוויי הענט
אויף די אָ'ס“, בּ דעמבּלין, וועסט סײַד, נ"י
1937. 3. אַחיזה. גײַסטיקער אָנשפּאַר. “
קורות בּתנו ארזים, די רעכטע אָ, פֿון ייִדישקייט
זענען טאַקע ווי די שענסטע טענענבּיימער“,
איבּז, ש. ג. הרכבי, די געליהענע האַק, בּאָסטאַן
1911, ז, 20. ־ערײַ.

אָנהאַנדלען

אָנהאַלטפּונקט — דער, ־ן. (מעכאַניק)
פּונקט אויף אָנצווּוענדן קראַפּט. אָ, פֿאַרן
הייבּער. "וואוהין פֿליט דער מענטש? מוז ער
דווקא קריגן אַן אָ, מחוץ דער ערד, כּדי די
ערד חרובֿ צו מאַכן?“, צײַט, טמז, 7 IX 1962.
אָנה(אָ)ל(י)ובּען זיך — קזוו. ־בּע זיך אָן,
זיך ~געה(אָ)ל(י)ובּעט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
זיך האָלובּען. אָנצערטלען זיך. אָנהאַלדזן זיך.
אָ, זיך אַ גאַנצן טאָג און פֿאַרגעסן וועגן
אָנבּײַסן. אָ, זיך ווי צוויי טײַבּעלעך. ־עניש.

אָנהאַמפּערן זיך — דזוו אָנאַמפּערן זיך ←.
,,צוויי פּאַטריאָטן האָבן זיך קוים אָנגעהאַמפּערט
זאַט, דערווײַל איז דאָרט דאָס ייִדעלע געוואָרן
דעפּוטאַט" פּרוג I, 'דער פּרומער שד'.

,

אָנהאַנג — דער, ־ען, ~הענג. 1. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון אָנהענגען (זיך). אַן אָ
אויף אַ פּלייצע. דער אָ, פֿון בילדער אויף די
ווענט. אָ, פֿון מעדאַלן אויף דער ברוסט. 2.
אָנהאַלט, אָנכאַפּ אָן עפּעס. אָ, אויף אַ צווײַג פֿון
אַ בוים. אָ, אויפֿן שטריק. אָ, אויפֿן טראַפּע'ז.
3. שײַכות. פֿאַרבינדונג, צונויפֿבינד.
צוזאַמענהאַנג. ,,און, דאש אַלש האָט איין אַן האַנג אַן
גרושי מעכטיגי שמות הקדושים", עח, ב/ג.
"מכל־שכן וואו איין אָבל האָט קיין אַן האַנג
ניט אַן די חתונה טאָר ער פשיטא ניט גין",
דאָרטן, לא/ד. ,,... שאלות ותשובות וואָס
האָבן אַן אָ, טאַקע ווידעראַמאָל נאָר מיט חוץ
לארץ", פּרוג III. ,,'שכל הנבדל'. . עקסיסטירט
אויך פֿאַר זיך, אָן דעם אָ, פֿון אַ קערפּער",
מב"ם, הוגה דעות I, ווילנע 1912.
4. אַרכ. גרופּע. אַנטוראַזש. געזעמל. ,,עשׂו
מיט זײַני זין און, זײַן אַן הנג זײַן גיקומין
דא צו מאָל מלחמה צו האַלטן מיט יוסף און,

זײַני בּרידר“, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן, בּית
יע)ראָל ובית הבּחירה, אַמשט 1724. 5. ארכ
נאָכגייער(שאַפּט). אָנהענגער(שאַפּט). „דען איין
פֿאַר נעמיר הער... זיך זעלבּירט צום קיסר
אויף גיווארפֿין, אונ, זיך איין גרושין אַן האנג
גימאַכט, אַל דיא קייזירליכי דינר אויף זײַני
זײַט גיבּראַכט“, גה, 95. „אובּ שון איינר תּקיף
איז אַדר ער שון גרושי אַן האַנג האָט„, מחזור
שלש רגלים, ח“בּ, אַמשט 1713.
6. אויסרייד. כּלומרשטער יסוד. מאָטיוו. „די
שׂנאה אויף דעם ייִד איז שוין לאַנג. זיי האָבּן
אים גערן געשטאָכן. יעצט האָבּן זיי געהאַט אַן
אָ“, יוסף בּן אַהרן בּדחן אין קאליש איינע
גרויזאַמע געשיכטע וועלכע זיך אין קאָליש אָט
23 יוני 1 878 צוגעטראָגען האָט, קראָטאָשין
1878. “אָכער איך האָבּ נישט געהאַט קיין שום
אָ, איר צו זאָגן, אַז איך וויל אויך גיין“, ווײַס
I , „אָפּגעשטויסן'. אָ'ס־אָ ר ט — “ער האָט
גלײַך געמאַכט... דעם למוד... אויף אַזאַ אופֿן
אַז יעדער סוג מענטש... זאָל האָבּן אַן אָ'
סאָ“, לדבּ, נ“י תשי“ז. אָ'ס־ק ר אַ פּ ט — „די
דאָזיקע קראַפּט וואָס ווירקט אויף צוויי
פֿאַרשידענע קערפּער זיי זאָלן זיך אָנציִען ווערט
אָנגערופֿן אָ'ס־ק'“, קמ, 6 1865, No.

אָנהאַנדלען — ־דל אָן, ~געהאַנדלט. אוטוו
אַ סך, אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט

אָנהאַנטיק

האַנדל, מיט מסחר פֿירן מסחרים. אָ אַ
לעבן. ,
לאַנג און בלײַבן אַ קבצן. טרוו — אַ סך
אָנקויפֿן, אײַנקויפֿן, אײַנהאַנדלען. אָ, ראָזשינ־ א
קעס מיט מאַנדלען. „דאָס ביסל חסידים...
האָבן אָנגעהאַנדלט קדושות מיט ברכות מיט
הללויות גאַנצע פּעק“, א. נוסבאַום, פּעסעלע די
גאַבעטע, וואַרשע 1885. מיט ז י ך. ־עכץ.
־עניש. ־ערײַ.
אָנהאַנטיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ האַנט.
אַן אָ'ער אינוואַליד. אָ'ער בעטלער. 2.
אומגעלומפּערט. ניט־געשיקט. אַן אָ'ער שלומיאל.
אָנהאָניקן — דזוו אויסהאָניקן ←, 221.
אָנהאָסטיען זיך — אוטוו ־טיע זיך אָן, זיך
.
~געהאָסטיעט. וורר. זײַן אַ גאַסט אַ לענגערע
צײַט. אָפּט גיין, באַזובן פֿאַרבּרענגעןן בײַ (צו)
,

באַקאָנטע. אָ, זיך בײַ אַלע קרובֿים און פֿרײַנד
,
און פֿאַרגעסן דעם אייגענעם אַדרעס.
אָנהאַסן — דזוו אויסהאַסן ←, 221.
אָנהאָסקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אָן, זיך
~געהאָפּקעט. 1. אַ סך אָנשפּרינגען זיך;
אָנטאַנצן זיך. אָ, זיך בײַזן גרויען טאָג אַרײַן.
אָ, זיך אַ גאַנצן טאָג מיט די קינדער אין הויף
און אַוועקפֿאַלן ווי אַ געהרגעטער. 2. אַ סך
(אָנ)גיין זיך; אָנבראָדזשען זיך. „זי דאַרף
נעבעך האָבן די טעפּלעך, פֿאַלט נעבעך דער גורל
אויף איר, אַבי זי האָפּקעט זיך אָן אומזיסט
און אומנישט“, יר, גש I.

אָנהאַסטן 1 — טרוו. האַט אָן, ~געהאַפֿט,
~געהאָפֿטן. אַ סך האַפֿטן, אויסנייען,
אויסשטיקן. אָ, טישטעכער פֿאַר דער טאָכטערס
אויסשטײַער.

אָנהאַסטן ll — טרוו & אוטוו. האַפּט אָן,

י.,געהאַפּט. גאַראַנטירן פֿאַר אַ צאָל. אָ, היפשע סומעס געלט פֿאַר אַלע קרובֿים.

-

אָנהאָסן זיך — אוטוו. האָף זיך אָן, זיך ~ געהאָפּט. שטענדיק לעבן מיט האָפֿענונג. לעבן אין שטענדיקער דערוואַרטונג אויף גוטע פֿאַסירונגען. ,,וויי, וויי, וויפֿל מיר אַלע האָבן פֿאַר אָט די יאָרן זיך אָנגעהאָפּט און אָנגעאַנטוישט“, בצג, טמז, 3 XII 1964. ־עניש.

אָנהאָצען — טרוו ־צע אָן, ,געהאָצעט. וורר.

אָנלייגן, אָנשטאָפּן, אָנוואַרפֿן. ,,אַלס ער וואַר נאָך בײַ דער מוטער אין בויך, פֿלעגט ער וערן אום דאָנערשטאָג האַרט געדריקט פֿון די קרוצקע, מעל און פֿלייש וואָס די מוטער האָט אָנגעהאָצעט אין פֿאַרטעך אויף שבת“, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניסט, ווילנע תּרל,,ח.

אָנהאָצקען — טרוו ־קע אָן, ~געהאָצקעט.

-

1. אָנשמײַסן, אָנשמיצלען. "לאַך, לאַך... וואַרט, אַז מע וועט דיר אויף יענער־וועלט אָ'... דאָרטן מיט אײַזערנע ריטער — וועסטו לאַכן", סינאַני, די אונטערטהעניגע, זשענעוו 1904. 2. במקרםווערבֿ פֿאַר שמײַען, אַרומלויפֿן, מסחרן, זײַן פֿאַרטאָן אין כלערליי עסקים. *ער האָט שוין זײַנס אָנגעהאָצקעט = שוין אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן; איז אַלט און אומבֿאַוועגלעך.

אָנהאָצקען זיך — ← ד״וו. 1. דזוו אָנהאָפּקען זיך ←. 2. אָנטרייסלען זיך;

אָנ1499

שאָקלען זיך. אָ, זיך פֿאָרנדיק אין בויד. אָ, זיך רײַטנדיק אויפֿן קעמל ־עניש.

.

נהאַקן — טרוו. האַק אָן, ~געהאַקט. 1. מיט אַ שאַרפֿן מכשיר (זאַך) (צע)האַקן, צעשפּאַלטן עפּעס אויף מער (קלענערע) טײלן. אָ, האָלץ מיט דער האַק. אָ, מיטן האַקמעסער דאָס פֿלייש, די ציבֿעלעס און מאַכן קאָטלעטן. *אָ, אַ וואָגן האָלץ = אויך: ראַיעל אָפּאַרבֿעטן אַ טאָג; געבֿן אַן אָרנטלעכן אַרבֿעטסטאָג. „די מלאכי־חבלה האָבֿן אויף אים גוזר געווען ער

זאָל אַליין אָ, האָלץ כּדי מע זאָל אים דערמיט

-

פֿאַרבּרענען“, ר, משה בּר, נתן נטע [איבּז], שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „די ערשטע פּאָר יאָר לערנט ער... סקאַלקעס אָנצוהאַקן, די פּאָמויניצע אַרויסצוגיסן„, רחלע די זינגערין, זשיטאָמיר 1868. „איז אַלע טאָג געפֿאָרן אין וואַלד און האָט אָנגעהאַקט אַ בּיסל האָלץ“, ש מי„ר, מעסtה פֿון פֿערציג גזלנים..., וואַרשע l902.

2. אַרײַנהאַקן (אַ סך). אָ, נעגל אין וואַנט. אָ, הילצערנע שטיפֿטלעך אין די זוילן. „גיי ניט בּאָרוועס, אויף די בּרעטער האָט מען אָנגעהאַקט טשוועקעס“.

3. צוהאַקן, צופֿעסטיקן. צוקלאַפּן. אָנהענגען. אָ, בּילדער אויף די ווענט. אָ, די קרוקעס. אָ, די מזוזה. אָ, די זוילן. „אַפֿילו די וואָס זײַנען שוין... געווען אויף הײשניט האָבּן אויך ניט אַלע געוואוסט די קונסט פֿון אָ, און

פֿאַרזעצן אַ קאָסע אַזוי, אַז דער שפּיץ זאָל
ניט גיין אין דער ערד אַרײַן און די קאָסע זאָל
זינגען □.ן די הענט,,, מ גאַלדשטיין,
בּירעבּידזשאַנער אויפֿן אַמור, מאָסקווע 1934.

4. אײַנהאַקן, אָבּער ניט צעהאַקן. אַ בּיסל אָנבּרעכן. אָנקלאַפּן. אָנשפּאַלטן. אָ, די אייער בּײַם אויספּאַקן פֿון קערבּל. אָ, די וואַזע. אָ, דעם פֿוס. אָ אַ שטיקל האָלץ און מאַכן אַ

,

שפּרײַז.

5. אויסהאַקן מיט אַ שטאַמפּ, מאַשינקע וואָס האַקט אויס לעכלעך. אָ, לעכלעך אין די פּאַסיקעס, רימענס. אָ, לעכלעך אין די בּלעכן.

6. גוט אָנשלאָגן. געבּן קלעפּ, שמיץ. אָ, די זײַטן, די בּיינער, די פֿיסקעס. אָ, אַ הינטן. ,,מע האָט אים אָנגעהאַקט אַ תּחת, אַז ס'איז אים אויפֿגעלאָפֿן ווי אַ פּאַמפּושקע". *אָ אַ לעדער =

,

גוט אָנממיתן.

7. אויסטראַכטן, אויסזויגן עפּעס פֿון פֿינגער. אָנפֿלאַפּלען. אָנפֿלוידערן. אָנטשאַקען. אָ, ליגנס. אָ, בּבֿא־מעשׂיות. אָ, ניט־געשטויגנס, ניט־

געפֿלויגנס. אָ אַ טשײַניק = רעדן סתּם אין דער

□,

װעלט אַרײַן. „דער עיקר... אויבֿ די פֿויערים
האָבן ניט אָנגעהאַקט קײן ליגונים„, ש.
גאָדינער, דער מענטש מיט דער בּיקס I□, מאָסקווע
1933. אָ אַ פֿולן קאָפּ = אָנטומלען, אָנדורען,

□,

אַ סך און גיך (אָנ)רײדן. אָננודיען מיט רייד.
„מע קלאַפּט און מע האַקט אים אָן אַ קאָפּ מיט
פֿאַרשײדענע מעשׂיות, בּיז מע פֿאַרדרייט אים
דעם קאָפּ„, יע, מענשליכער קערפּער [וואונדער
אוצר...], װאַרשע תּר״פּ. „אַז ער האָט
דערטאַפּט אַ גרינעם, האָט ער אים ראשית

אָנגעאָנהאַרן

האַקט אַ קאָפּ, ווי לײַכט עס איז אין אַמעריקע
רײַך צו ווערן“, אָפּאַ, אונטערוועלט.
8. אוטוו, דריטפּערזאָניק. געפֿעלן ווערן.
אויסנעמען. זיך אָננעמען. ווערן אַ דערפֿאָלג.
עס ה□ט אָנגעהאַקט = ס'איז געפֿעלן געוואָרן.
„עס וואַרן איבּערגערעדט פֿיל שידוכים און

קיינער האָט אָנגעהאַקט,,, אמד, איין הונד אַלס שדכן, ווילנע 1878.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

־ער. ־ערײַ.

אָנהאָקן — האָק אָן, ,געהאָקט. אויך: ~ האָקעווען. טרוו — אָנטשעפּען, אָנהענגען אויף

-

אַ האָק(ן). פֿאַרטשעפּען מיט אַ האָק, העקעלע. אָ, אויפֿן האָק אַ זײַטל פֿלייש. אָ, דאָס קעלנערל. אוטוו — אָנשלאָגן, אָנשפּאַרן, דערשלעפּן זיך. אָ, אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך פֿון ערדקײַלעך. אָ אַזש צום מיניסטער אַליין.

,

אָנהאָרבען — טרוו ־בע אָן, ~געהאָרבעט.

פּפֿ: ~האָרבעווען. 1. אָנהויקערן, אָנלייגן, אָנשטאָפּן, אויסשטאָפּן, עס זאָל ווערן (זיך באַקומען) אַ האָרב. ,,דער אַקטיאָר האָט צו זײַן ראָלע אָנגעהאָרבעט די פּלייצע“. 2. אָנבערגלען. אָנשיטן, אָנגראָבן, אָנפּאַקן (אין עפּעס עס זאָל ווערן בערגלדיק. אָ, דעם זאַק, דעם טשעמאָדאַן. אָ, דאָס פֿעלד מיט סטערטעס

פֿרישן היי. מיט ז י ך.
אָנהאַרט(עווע)ן — דזוו אויסהאַרטעווען ←,
.221
אָנהאָריק — אַדי. 1. וואָס האָט ניט אויף
זיך קיין (איז אָן) האָר. אָ'ער קאָפּ. ,,אויף דער
צעשפּיליעטער אָ'ער ברוסט האָט געטונקלט
סאַרבאַקט בלוט,,, נ לוריע, בריקן ברענען,
-
כאַרקאָוו 1929. 2. וואָס איז גלאַט. אָ'ער
שטאָף ־יקייט.
.
אָנהאַריקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אָן, זיך
~געהאַריקעט. אוקר. □[□a'r]□[□]□[□a]□]: □ □ <.
אָנשרײַען זיך. אָנטענהן זיך. שפּאַרן זיך. ״מאָל
דיר, איך האָב זיך גענוג אָנגעהאַריקעט,
אויסגעקאָכט דאָס וואַסער מיט דער דאָזיקער
מאַכל אַרקע״, שע, סטעמפּעניו. ״מע האָט זיך גענוג
י
אָנגערעדט, אָנגעהאַריקעט מיט איטלעכן
באַזונדער״, שע, אָרעמע און פֿריילעכע I.
אָנהאָרכן — טרוו. האָרך אָן, ~געהאָרכט.
1. אײַנהערן זיך אין אַ קלאַנג. אָ, דעם
ווידערקול אויף די בערג. ,,געציטערט פֿיבערדיק בײַם
ציילן [די מזומנים] אָנגעהאָרכט יעדן רײַניש

צוויי מאָל“, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. 2. אויסהערן ווי מען אָטעמט, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ. אָ, די קראַנקע. מיט ז י ך — “זי פּלעגט אָ, זיך אַלס די לערער פּלעגן אונטעררי‏כט געבן“, צ. נ. גאָלאָמבּ, אַ יונגע טויב פּאַר אַ קרבּן, ווילנע 1895.

אָנהאַרן — טרוו. האַר אָן, ~געהאַרט.
אייגנטלעך אָפּהאַרן. אָפּוואַרטן. “האָט ער אים אָנגעהאַרט אין וואַלד, און ווי דער פּויער איז געקומען אין וואַלד אַרײַן, זאָגט דער גנבֿ צו אים...“ מ [ש לעהמאַן, בײַ אונז יודען,

וואַרשע 1923].

אָנהאָרן

אָנהאָרן — דער, ־ס. אַרכ. דאַמהירש, מין הירש. בּ
פּאַרטײַטשט 'אקו, — ,,אָן האָרין,,; מע)
פּאַרטײַטשט '
ויחמור, (דבֿרים, יד, 5): ,,און איין אָן

האָרן“. דער אָ, איז
אַ ביסל קלענער ווי
דער געוויינלעכער
הירש, האָט קליינע הערנער וואָס וואַקסן אויס
אַ סך שפּעטער ווי בײַ אַנדערע הירשן. די זי
האָט אינגאַנצן ניט קיין הערנער. די פֿעל איז
מיט העלע, רויטלעכע פֿלעקן. ervus dama).
אָנהאָרעווען — טרוו. ־רעווע אָן, ~
געהאָרעוועט. 1. דערווערבן עפּעס מיט מי און
אָנשטרענגונג. אָנפּראַצעווען. מיט (דורך)
שווערער האָרעוואַניע אָפּשפּאָרן, דערשלאָגן זיך צו
עפּעס. אָ, אַ נחלה, אַ שטיקל פֿאַרמעגן. אָ, אַ
האַרצפּעלער. „ווער עס האָט פֿיל
אָנגעהאָרעוועט און איז בײַ נישט געבליבן“, מס, משלי
תקע“ד, ל, 1. אויך פֿיג. אָ, אַ נשמה יתירה,
ב ריזוקי1.
2. אָנמאַטערן, אָנפּײַניקן עמעצן מיט
שווערער אַרבעט. אָ, די שקלאַפֿן־אַרבעטער. אָ, די
בידנע פֿערד. 3. איר. מיט שווערקייטן,
מיט גרויס אָנשטרענגונג שאַפֿן, אַרויסברענגען
עפּעס. אָ, אַן אַרטיקל. אָ, ביכער. אָ, אַ טעאָריע,
קיינער זאָל זי ניט קענען צעקײַען. אָ, אַן
אונטערשריפֿט און שטאַרק שוויצן דערבײַ.

4. אוטוו. אַ לענגערע צײַט האָרעווען. דזוו
אָנהאָרעווען זיך. אָ, אַ לעבן־לאַנג.

אָנהאָרעווען זיך ← — דפּוו. אַ סך
האָרעווען, אַ לענגערע צײַט (כּיזן פֿאַרלירן די
כּוחות). אָ, זיך אין די שעפּער, אין קוילנגרובן
אאַזוו. „ס'איז מיר גופֿא מיאוס געוואָרן פֿאַר
גאָר מײַן האָרעוואַניע וואָס איך האָרעווע מיך
נישמער אָן אונטער דער זון", מס, קהלת
תקע"ט, בּ, 18. „פּייגע־רחלע האָט זיך
אָנגעהאָרעוועט, אָבער עס איז געווען בײַ איר אַלץ
אײַנגעלאַדעט", ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת,
וואַרשע תּרמ"ג. „זי האָט זיך נעבעך גוט
אָנגעהאָרעוועט און האָט זיך איזמאָרדעוועט,„
פּינסקער שטאָדט־לוח, תּרס„ד. "אַפֿילו די ▯.־
ניסטאָרן און דער קייזער, פֿיל דאַרפֿן זיי זיך
עס אָ„ אונטערשרײַבנדיק פֿאַרשיידענע
פֿאַפּירן!", ס. דיקשטיין פֿון וואָס איינער לעבט,
,
זשענעוו 1900. „ווערטער האָרעווען זיך גוט
אָן ביז זיי דאָראָביען זיך צו אַ מעמד", אפֿא,
איק, ר"ה תּשכ"ז.

אָנהאַרציק — אדי. וואָס איז אָן אַ האַרץ.
וואָס האָט ניט קיין געפֿילן; וואָס איז
פֿאַרהאַרטעוועט. אומפֿילעוודיק. אָ'ער נפֿש. אָ'ער

שאַרלאַטאַן. אָ'ע באַהאַנדלונג. אָ'ער צוגאַנג
צו.... ־יקייט.
אָנהאַרצניק — דער, ־עס. נעאָל, לע ← דפּוו.
ווער עס האָט ניט קיין האַרץ, קיין געפֿילן.
וואָס האָט ניט קיין רחמנות, קיין אײַנזעעניש.
ווער עס איז ברוטאַל. „אַפֿילו באַזונדערע

ייִדי()()15

שע טרערן אויף דער פּאַרטיליקונג פֿון אַ
דריטל ייִדיש פֿאָלק האָבן די סאָוועטישע אָ'עס
אונדז ניט פֿאַרגונען“, טמז, 11 1962 III.
אָנהובלע(ווע)ן — טרוו. הובל, ־לעווע אָן;
~געהובלט, ~געהובלעוועט. פּפּ: ~
ליע(ווע)ן. אויך: ~העבליעווען. 1. אַ סך
הובלעווען, מאַכן גלאַט מיט אַ הובל. אָ, דורכן
טאָג אפֿשר פּופּציק ברעטער. 2. דזוו
אָפּהובלעווען, מיט אַ הובל אָפּרייניקן. „דאָס אָרט וואו
אַ קאַרגער איז געשטאַנען זאָל מען צוויי מאָל
אָ'לעווען“, שוו (דוקלע, מיטן־גאַליציע). “דעם
וואַקס דאַרף מען אָ'לען“, י. מ. בערמאַן, די
טישלער־אַרבײַט, פּעטערבורג 1913.
אָנהוד(י)ען — ־ד(י)ע אָן, ~געהוד(י)עט. פּפּ:
־דזיען.]a[: < . אוטוו —

1. פּלוצעם אַרויסגעבּן צעצויגענע, הילכיקע קלאַנגען, ענלעכע צו הו־הו. “דער פֿאַבּריקהודאָק [= ▯ ײַפֿל] האָט אָנגעהודיעט עטלעכע מאָל און די אַרבּעטער האָבּן בּאַלד געוואָרפֿן די אַרבּעט“. 2. הודיען אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט. 3. אָנרעדן שלעכטס אויף עמעצן. אָ, אויפֿן שכן. 4. אָנרייצן. “דאָס האָט זיי משה איציקס אויף מיר אַזוי אָנגעהודעט“, ה. אַקערמאַן, טאָג, 9 XII 1967. טרוו — 1. אָנפּלוידערן, פֿאַרטומלען מיט הילכיקער, קלינגענדיקער שטים. אָ, נײַסן וואָס אַלע ווייסן שוין. “ער האָט מיר אָנגעהודיעט אַ קאָפּ, כ'בּין שיִער ניט אָגלושעט געוואָרן“. 2. אָנפּײַפֿן. אָפּנאַרן. אָפֿשווינדלען. אָ, דעם פּויער אויף עטלעכע קערבּלעך. ־עניש.

אָנהוזשען — אוטוו & טרוו ־זשע אָן, ~ געהוזשעט. 1. אָנזשומען, אָנרעדן, אָנשרײַען, עס זאָל הוזשען דערבּײַ. אָ, אַ פֿולן קאָפּ. “אָ, ווי אַ זלידנע פֿליג, דער קאָפּ זאָל פֿלאַצן“. 2. אַרומשמײַען. זיך קהלן. אַרומפּאַדען און דערבּײַ זײַן טומלדיק. אָ, אויף דער חתונה ווי אויף אַ יריד. ־עניש.

אָנהויבּ, אָנהויבּן — ← אָנהייבּ, אָנהייבּן.

אָנהוידען — טרוו ־דע אָן, ▯י.,געהוידעט.

.

1. אַ סך, אַ לענגערע צײַט אָנוויגן, צעוויגן אויף אַ הוידע. אָ, אַלע הוידלקעס אין פּאַרק.

2 פֿאַרוויגן. אָ, ס'קינד אין וויגל, עס זאָל

.

שלאָפֿן. 3. צעהוידען. אויפֿרודערן. אויפֿכוואַליען, צעוואַקלען, צעבונטעווען מיט אָנרעגנדיקע, אויפֿהעצערישע רייד. אָ, דעם המון צו אַן אויפֿשטאַנד. אָ, דאָס אָרעמע פֿאָלק און זיי פֿאַרוויגן מיט זיסע פֿאַלשע רייד. מיט

—

,

ז י ך — "איך האָב זיך שוין חײַנט גענוג אָנגעהוידעט". ־עניש.

אָנהויזנדיק — אדי. וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) הויזן. וואָס איז געקליידט אין צעריסענע, צעפֿליקטע הויזן. די סאַנקילאָטן, די אָ'ע. "אָכער די אָ'ע האָבן אַפֿנים נישט פֿאַרשטאַנען די קלוגע רייד פֿון דעם שליח", באַש, פֿאָר, .X ▯ ▯ 19 7 ▯ (▯)

אָנהויטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן הויט. אָ, פֿלייש. „אַ בלוטיקע, אָ'ע שטיק באַק", רייד (נ,,י).

אָנהויער ▯

אָנהויך — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנהויכן. אָ, אויף דער שויבֿ. אָ, אויף די פֿינגער. „האָט עס ממש אַ וויי געטאָן מיט בטחונדיקן, חיות־טראָגנדיקן אָ'", א. י. זאַקוסקי אין, דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך..., בֿ"א 1955 פֿון לויטער צעעפֿנטע ברעמען אין אָ,

. „

פֿון גאָטס ערשטע רייד: זאָל ווערן!", הל, בלאַט... עפּלבוים. 2. פֿאַרצויגענע דינע אייבערשטע שיכט (אויף אַ מעטאַל). אַן אָ, פֿון פֿײַכטקייט אויף בלעך. אַן אָ, פֿון זשאַווער אויף אײַזן. 3. צוגאָבֿ צו אַ שטימונג. קוים מערקלעכע השפּעה. אָ, פֿון מעלאַנכאָליע. אָ, פֿון אידעאַליזם ־ונג.

.

אָנהויכן — אוטוו & טרוו הויך אָן, ~ געהויכט. 1. אָנאָטעמען. אַרויסלאָזן (הייסן, וואַרעמען) אָטעם און אַ בלאָז טאָן, אַ הויך טאָן, אַ הוקע טאָן אויף עפּעס. אָ, (אויף) די ברילן און זיי אויסווישן. אָ, (אויף) די אָפּגעפֿ[רוירענע פֿינגער. "דער אַלטער פֿלעגט זיך צוגיין צום פֿענצטער, און פֿלעגט אָ, מיטן מויל...,,, י. ד טאָיבֿ, דער קדיש..., ווילנע תּרמ"ט. „ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעהויכט די אָפּגעטרענטע הויט

מיט דער פֿאַרע פֿון מויל כּדי צו לינדערן דעם הייסן ווייטיק", ייִז, 'אַלטשטאָט'.
.
2 יג. בּאַהויכן. אַרײַנגעבּן, אַרײַנבּלאָזן,
.
אַרײַנאָטעמען (פֿרישן געדאַנק, נײַע אידייע, גוטן אײַנפֿאַל, בּאַגײַסטערונג). בּאַווירקן עפּעס (עמעצן) דורך וויכטיקן אויפֿטו; מיט ענערגיע, איניציאַטיוו. אָ, עמעצן מיט אַ נײַער אידייע. „מיט זײַן ענערגיע און שוואונג האָט ער אָנגעהויכט אויף דעם געשעפֿט און עט אויפֿגעלעבּט". אָ, פֿרייד אויף די פֿאַרלאָזענע יתומימלעך. "ער האָט אָנגעהויכט אויף זיי אַ פֿונק פֿון בּינעפֿלאַם", היימיש, 1958, No 10. "
טיילמאָל בּאַפֿאַלט מיך אַ פּחד אַזוי ווי געיאָגט פֿון אַ ווינט, און הויכט אָן מײַן ווען מיט אומעט אַזוי וו אַ וואָיען פֿון הינט", א. לוצקי. אָ, מיט
י
פֿײַער, שׂנאה, טויט = בּרענגען אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפֿע.
3. אוטוו, דריטפּערזאָניק. אָנבּלאָזן, אָנטראָגן. ס'האָט אָנגעהויכט אַ קאַלט ווינטעלע. „פֿון ערגעץ האָט אָנגעהויכט אַ גערוך פֿון פֿוילעכץ, אָנגעבּרענטס", בּאש פֿאָר, 4 .30 1962 XII. (
לאָ,

קל קויאַווע) מאַכן אַ התחלה. אײַנפֿעדעמען.
אָנהייבן. „מע דאַרף נאָר אָ', וועט'ס שוין
גיין„.
אָנהויכן — הויך מאַכן, ← אָנהייכן.
אָנהוילן — טרוו. הויל אָן, ~געהוילט. אַרכ.
דערנענטערן. צוציִען. Mhd : an־bole]
„דעם יצר־הרע און, איין קינד און, איין אשה,
דיא זאָל מן מיט דיא לינקי האַנד אַוועק יאָגן,
און, מיט דיא רעכטי הנד זאָל מן זיא ווידר אַן
הולין“, מהמ, אַמשט 1722, קמט/ב.
אָנהויערן — טרוו. ־ער אָן, ~געהויערט.
אָנוואַרפֿן, אָנקלײַבן עפּעס, עס זאָל ווערן אַ
גרויסע קופּע, אויסזען אויסטערליש (אויך
סכּנהדיק). אָ, שטיינער אויפֿן וועג (בײַם
אַרײַנגאַנג) ־ונג — אָנוואַרפֿונג. „די אָ, פֿון
אַנ.
דערשפּראַכיקן מאַטעריאַל [אין ייִפֿאָל] (

העבּאָנהויפּונג

רעאיזמען, דײַטשמעריזמען, סלאַוויזמען), ון
דיאַלעקטיזמען... איז דאָ פֿאָרגעקומען

כאַאָטיש,,, א. ספּיוואַק, סאָוו, היימלאַנד, l966,
.No 12

-

אָנהויסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פּון אָנהויפּן. אָ, פּון שניי פּון
אַראָפּ,
געפּאַלענע בלעטער. אָ, פּון אייגנטום אין הענט
פּון גבֿירים. אָ, פּון שרעקלעכע פּאַסירונגען
אין אַ שונדראָמאַן. ,,די אָ, פּון ווײַסע
בלוטקערפּערלעך איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי די
אַזוי־גערופֿענע 'מאַטעריע, (אייטער),, פֿגעז,
-
,
13 1949, No־14. ,,אַ גלײַכער וועג שנײַדט זיך
צו אַן אָ, פּון גרויע... בעטאָנירטע געבײַען,,,
י פּאַליקמאַן, סאַוו, היימלאַנד, 6 1962, No.

.
אויך: .,,הויפּענונג.

אָנהויסן — טרוו. הויף אָן, ,געהויפּט. פּפֿ:
~הויפּענען. 1. אָנוואַליען, אָנוואַרפֿן,
אָנוואַלגערן, אָנשיטן — עס זאָל זיך
אויספֿורעמען אַ קופּע. אָנהורבּענען. אָ, בראָכוואַרג, אַלטע
שמאַטעס. אָ, ערד אַרום דער פֿעסטונג. ״דער
ווינט האָט אָנגעהויפּט בּלעטער בּײַ דײַן טיר,,,
אפּא, לויטער... קוואַל. 2 פֿיג. אָנזאַמלען,
.
אָנקלײַבן. אָנגרייטן. אָ, תּירוצים. אָ, זעלטענע
כּתבֿ־ידן. אָ, שפּײַז אויף הלוואַי מע זאָל ניט
דאַרפֿן. ״מע וואָלט געקענט אָ'ענען אַ בּאַרג מיט
בּײַשפּילן״, נפּ, ייִ אַ, 1938, 3. ,,נאָר זיך
געפּשטלט, אָנגעהויפּט איין פּלפּול אויף דעם
אַנדערן״, בּאַש פּאָר, 3 .11 1966 XI. (אָנ)
נע—
מען מיט אַ הויפּן. ״און ער זאָל אָ, דערפֿון
זײַן פֿולן הויפּן,,, תּי, ויקרא, ב, 2.
מיט ז י ך — ,,די שווערע פּסולתן וואָס האָבן
זיך אָנגעהויפּט אין טעאַטער,,, מוק, טעאַטער
און אידיש טעאַטער. ־עניש.

אָנהויקען — זאַמעט. לר. ← אָנהאַווקען.
אָנהויקערן — טרוו. ־ער אָן, ~געהויקערט.
מאַכן עס זאָל ווערן (אָדער אויסזען ווי) אַ
הויקער. „יאָרן און צרות האָבּן אים
אָנגעהויקערט„. “... וויל זיך אַרויסראַטעווען פֿון דעם
אַוואַלאַנש פֿון סתּירות, וואָס די צײַט האָט
אויף אים אָנגעהויקערט“, יג, תּוך I.
געוויינלעך מיט ז י ך — דזוו אײַנהויקערן זיך.
אָנהולטייעווען — אוטוו ־עווע אָז, ~
גע—   .
הולטײַעוועט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
הולטײַעווען. אָ, בּיזן לעצטן גראָשן אין קעשענע.
אָ, ווי רעקרוטן דרײַ מעת־לעת נאָכאַנאַנד.
אויך מיט ז י ך.
אָנהוליע(נע)ן זיך — אוטוו ־ליע זיך אָן,
.
זיך ~געהוליעט. 1. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
הוליען. פֿראַווען הוליאַנקעס, קערמישלעך. „אָ,
זיך אַ וואָך מיט אַ מיטוואָך און ניט האָבּן אויף
שבּת„ פֿוול. „גאָר זאַט ניט געקענט זיך
אָנ,
שטופּן און אָ', אום זיך נוקם צו זײַן פֿאַרן
גאַנצן יאָר“, ייִל. “ליבּער רײַזנדער, דו האָסט
זיך אָנגעהוליעט געגוג אין פֿרעמדע מלוכות“,

א, מ', אַ שיינע גישיכטע פֿון דעם גירימטין ריטטעך יאָזעף דער שיינער, וואַרשע 1878.
2. הנאָה האָבן. גוט פֿאַרבּרענגען. זיך פֿאַרווײַלן. קומען אין דער גרויסער שטאָט און זיך

15()1

אָ, דאָרטן, גיין אין טעאַטער, בּאַזוכן מוזייען.
,,דער מענטש זאָל זיך דערווײַל אָ, מיט זײַן בּריהשאַפֿט,,, מס, קהלת תּקע,,ט, ג, 22.
3. איזדיעקעווען זיך. זיך לאָזן וואוילגיין איבּער עמעצן מיט רשעותדיקע מיטלען. אָ, זיך איבּער די אָרעמע שקלאַפֿן־אַרבּעטער. אָ, זיך איבּער די אויסגעהונגערטע געטאָ־ייִדן. ,,־——
אָנגעהוליעט זיך, לאָזט דער שיכּורער גבֿיר זיך אַוועקפֿירן, איבּערלאָזנדיק אַ פּאָגראָם און אַ בּאַליידיקונג פֿאַרן גאַנצן עולם“, בּ. ריווקין, אונדזערע פּראַזאַאיקער פֿיג. ,,דער
שטורעמ.
ווינט האָט זיך אָנגעהוליעט אין שטעטל און איבּערגעלאָזט אָ חורבן,,. ־עניש.
אָנהולכן זיך — [... הוי'לעכן] אוטוו. הולך
זיך אָן, זיך ~געהולכט. זיך אָנגיין (
אומזיסט). אַ סך, אַ לענגערע צײַט גיין; דורכמאַכן,

דורכוואַנדערן צו פֿוס לענגערע שטרעקעס, שטחים. אָ, זיך איבער דער ברייט און לענג פֿון דער מדינה. אָ, זיך נאָך אַ חובֿ און צום סוף קריגן אָנגעשלאָגן (אַרויסגעוואָרפֿן פֿאַרן , קאַרשע'ן, [= קאַרק]).

אָנהומאָריק — אַדי. סטוטש, 519. וואָס האָט ניט פֿאַרמאָגט ניט קיין הומאָר. אָ'ער

לערער. אָ'ער רעפֿעראַט. אָ'ער פֿעליעטאָן.

אָנהונגערן — דזוו אויסהונגערן ←, 223.

אָנהונגערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אָן, זיך ~געהונגערט. אַ סך, אין משך פֿון אַ לענגערער צײַט הונגערן; לײַדן הונגער. אָנלײַדן זיך איבער ווייניק עסן. אָ, זיו אַ לעבן־לאַנג. „קעסט האָט ער געגעסן? ער האָט זיך גענוג אָנגעהונגערט“. „אַלע האָבן זיך אין די ביטערע יאָרן גענוג אָנגעהונגערט נעבעך„, שע, גלות דאַטשע. ־ונג. ־ניש.

אָנהוסטן — הוסט אָן, ~געהוסט. פּפֿ: ~הוסן. אוטוו — 1. מיטאַמאָל אָנהייבן הוסטן, קײַכן. אָ, נאָכן פֿאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס. אָ, עמעצן אין פּנים אַרײַן און זיך ניט אָנטשולדיקן. 2. הוסטן אַ סך, אָ לענגערע צײַט. אָ, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. טרוו —

דורך שטאַרקן הוסטן דערפֿירן צו אָן ערגערן
צושטאַנד. אָ אָ לונגען־פֿעלער. אָ אָ בּרוך.

, ,

,,ער האָט מיר אָנגעהוסט אַ קאָפּווייטיק,,. מיט
ז י ך. ־ונג. ־עניש.
אָנהוקען — אוטוו ־קע אָן, ~געהוקעט.

1. (אָנ)שרײַען אויף עמעצן מיט בייזקייט, כּעס
(און אומקלאָר). אָ, אויף דעם לערן־יינגל.
2. אַרויסגעבּן שטרענגע בּאַפֿעלן, קאָמאַנדעס
מיט אַ געבּייזער. אָ, אויף די מאַרשירנדיקע
סאָלדאַטן. אָ, דורכן הילכער די מאַטראָסן זאָלן
בּאַשיסן דעם שׂונאס שיף. 3. דזוו אָנהויכן,
בּ1. מיט ז י ך. ־עניש.
אָנהורבּ — דער, ־ן. נעאָל. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנהורבּען. אָנשיט. אָנלייג
פֿאַר. ,,
דעקט זיי מיט זײַן אייגענעם אָ, פֿון שניי‘‘,
הל, טאָג, 28 1948 XII.
אָנהורבּע(נע)ן — טרוו. ־בּע אָן, ~
געהורבּ(ע)ט. אָנוואַליען, אָנוואַלגערן, אָנלייגן,
אָנשיטן, אָנבּערגלען (אין הורבּעס, קופּעס). אָ,
אַ בּאַרג מיט ציגל. אָפֿרייניקן דעם שניי וואָס

אָנהייב

דער ווינט האָט אָנגעהורבעט בײַ דער טיר.
,,ווען טויט האָט הויפֿנס ביינער אָנגעהורבעט,,,
פֿ□ .נ, גרויס־שטאָט. מיט ז י ך — ,,ס'איז
אַרויסגעפֿאַלן אַ טיפֿער שניי. אונטער די
פֿענצטער האָבן זיך אָנגעהורבעט שפּיציקע בערג,,,
מק, זעלמעניאַנער I, מאָסקווע 1931.
אָנהורגן — [... הוי'רעגן] טרוו. הורג אָן,
~געהורגט. מערדערלעך צעשלאָגן, צעממיתן
אַ צאָל. אָ, די כוליגאַנעס, זיי זאָלן פֿאַרזאָגן
אַ צענטן. ,,ס'איז אַ סכּנה אין אָוונט
אַרויסצוגיין אין גאַס, מע קען אײַך אָ'", רייד (נ"י).
אָנהורן — הור אָן, □ י.,געהורט. וואול. אוטוו —
אַ לענגערע צײַט זײַן אויסגעלאַסן. אָ, אין די
יונגע יאָרן און אויף דער עלטער ווערן אַ
גבאיטע. טרוו — במקום־ווערב פֿאַר אָנזעצן,
אָפּנאַרן, אָנשווינדלען, צונעמען, צוגנבֿענען. אָ,
דעם קרעדיטאָר. ,,ער האָט אָנגעהורט דעם
אייגענעם פֿעטער און צוגענומען ביז אַ
קאָפּיקע,,.
אָנהיד(י)ען — דזוו אָנהוד(י)ען ←.
אַנהידריד — דער, ־ן. < איי < גר. (

כעמיע) יעדע קאָמפּליצירטע פֿאַרבינדונג וואָס מע
האָט פֿון איר אַרויסגעצויגן וואַסער, באַפֿרײַט
פֿון הידראָגען, און דערבײַ געשאַפֿן אַ נײַע
פּשוטערע פֿאַרבינדונג. „די נעמען פֿון ד
אַזאָטי
פֿאַרבינדונגען מיט זויערשטאָף מוזן זײַן
טאָפּלטע: אַן אַ'ן־ריי און אַן אָקסידן־ריי„,
ווילקאָמירער יידישע רעאַל־גימנאַזיע, טערמינאָלאָגיע
פֿון כעמיע (מימעאָגראַפֿירט) ־יש — אַדי.

.

אַ'ישע שטאָפֿן.

אָנהיזקדיק — [... הע'זעק...] אַדי. וואָס
איז אָן היזק; וואָס ברענגט ניט קיין
פֿאַרלוסט, דעפֿיציט. אָ'ער מסחר. „די הײַ־יאָריקע
פֿאַרפֿלייצונג איז געווען אָ'„, רייד (קאָוונע).
־יקייט.

אָנהיזקן — אוטוו. היזק אָן, ~געהיזקט.
אָנמאַכן שאָדן. אָ, ווי אַ חזיר אין גאָרטן. „די
פּריקאַזטשיקעס האָבן מיר אָנגעהיזקט“. „די
פּאָגראָמשטשיקעס האָבן גענוג אָנגעהיזקט אין
שטעטל“.

אָנהיטלדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
היטל. „איך איז גוט, איר קענט זײַן אָ'ע, איר
האָט האָר אויפֿן קאָפּ“, רייד (נ„י).

אָנהיטלען — טרוו. היטל אָן, ~געהיטלט.
אוצר השרשים, באַרדיטשעוו 1 .1891.
אַרויפֿטאָן, אָנטאָן אַ היטל אויפֿן קאָפּ. צודעקן דעם
קאָפּ מיט אַ היטל. אָ, דעם קאָפּ פֿאַרן
אַרײַנגיין אין בית־מדרש. 2. באַזאָרגן מיט
היטלען אָ צאָל. אָ, די יתומימלעך מיט וואַרעמע
היטעלעך אויף ווינטער. מיט ז י ך.
אָנהיטן — טרוו. היט אָן, ~געהיט. 1. אַ
לענגערע צײַט שטאַרק היטן. אָ, דעם גאָרטן
ווען די פּירות זײַנען שוין צײַטיק. 2. דזוו
אָפּהיטן. „היט און היט אַז מע קען ניט אָ'„.
מיט ז י ך.
אָנהיי — דער, ־ען. Mhd: an־ho e. הויך
אָרט. הייך. „והא ראַיה: 'ואַתה על במותימו
תדרוך, — דו וועסט טרעטן אויף זייערע אָ'ען,

אָנהייב

[תּי: „און דו וועסט אויף זייערע הייכן טרעטן„]
דו וועסט באַזיצן זייערע קרעפּעסטן“, פּלאי,
המדבר בצדקה, וואַרשע תּרנ“ב, ז, 15.
אָנהייב — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנהייבן ←. התחלה. אַ שיינער אָ'.
דאָס איז נאָר אַן אָ'. זײַן (האַלטן) בײַם אָ,. אַזוי

האָט אויסגעזען דער אָ,. אין אָ, איז אַזוי געווען. מאַכן אַן אָ'. דער אָ, פֿון סוף. אַמאָליקער (הײַנטיקער, אַלעמאָליקער אאַזוו) אָ'. ,,אַ גוטער אָ, איז אַ האַלבּע אַרבּעט'', שוו. ,,ווי אַר אַן אָ, איז עס גאָרניט שלעכט,,, פֿוול. ,,און גיבּ מזל און בּרכה והצלחה אין אַלע אונדזערע אָ'ן און אויסלאָזן,,, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. ,,פֿון פּירות וואָלט אַפֿילו קיין אָ, ניט געווען'', ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. ,,עס וואָלט געווען זייער גוט אויסצושטודירן אַלע אָ'ן פֿון דעם סאָציאַליזם,,, זשיט II י, נ''י 1917. אָ'־בּ אַ ל אַ נ ס.

2. פּונקט אין צײַט, ווען עפּעס הייבּט זיך אָן אָדער מע הייבּט אָן. אָ, פֿ ו ן דער וועלט. דאָס איז דער אָ, פֿון אַלצדינג. פֿון אָ, קלערן אַזוי און שפּעטער אַנדערש. אָנהייבּן פֿון אָ'. ''טאַקע אַלץ ווי גאָט האָט אויסגעסדרט פֿ ו נ ע ם אָנהויבּ בּיז צום אויסלאָז'', מס, קהלת תּקע''ט, ג, 11. ''מע זאָל וויסן די טבֿע וואָס איז אײַנגעפֿאַסט אין די גופֿים פֿון דעם אָ, אַז [זיי] זענען בּאַשאַפֿן געוואָרן,,, חה. ,,שטיי אויף און טו תּפֿילה אין אָ, פֿון דער דריטער אַשמורה'', לט2, ל/א. ,,הייליק איז דער טאָג פֿון אָ, בּיז ער גייט היין'', ממוס, זמירות. ,,פֿאַרשוואונדענע

טעג פֿון מײַן לעבן, איך װעל אײַך אַדורכגיין
פֿון אָ, ביז ברעג", אַר, אַמאָליקע טעג!.

,

"אורערשטער און נישטאָ קיין אָ, צו זײַן
אורערשטיקייט,,, מ. גראָסמאַן, היימיש, אַפּר'־
מײַ 1961. ,,װען די תּורה דערנענטערט זיך צום
סוף — קומען מיר צוריק צום אָ'", דר, ה
זײַדמאַן, טמז, 9 1959 X.
3. אָנפֿאַנג פֿון אַ דאַטע פֿון אַ צײַטאָפּשניט.

,

[אָן פֿ ו ן פֿאַרן װאָרט װאָס קומט נאָך אים]
אָ, טאָג. אָ, נאַכט. אָ, חודש, אָ, לערניאָר. אָ,
פֿאָרשטעלונג. ,,דער גרויער אָ, טאָג האָט שו ן
סײַוו אַרײַנגעדרונגען דורך די שפּאַלטן און

,

האָט געלויכטן", בערג, אָפּגאַנג ,,סוף
פֿאַרגאַנגענעם און אָ, דעם י,,ה איז אויפֿגעקומען
אַ מערקווירדיקער דור", ימ, קוד, 1950. אָ נ ־
ה ײ ב ט אָ ג — טאָג װאָס פֿון אים הייבט מען
אָן רעכענען אַ פֿונקציע, אַן אַרבעט.
4. אָרט, שטח פֿונװאַנען עס הייבט זיך אָן;
פֿונװאַנען מע הייבט אָן. דאָ איז דער אָ,
פֿון.... אָ, פֿון בוך פֿון אָ, ביזן סוף. אַן

.

אָרט אָ, טיש. ,,אונטער מיר אַ טיפֿער תהום, אַרום מיר — די גרויסע ברייטע וועלט, אָן אַן אָ,, אָן אַ סוף“, ממוס, 'בישי ה של מטה'. “ווען זיי זענען שוין געווען בײם אָ, מדבר, דאָרט וואו...“, אַש, משה. “אַ פֿלאַכטע, וואָס איר אָ, איז אין איין עק וועלט און איר אויסלאָז אין דעם צווייטן עק“, הל. אָ'(פ ו נ ק ט) פֿון קאָאָרדינאַטן. אָ'ג ר אַ מ ע ן.

5. אָנפֿאַנג פֿון אַ טואונג. פּרוּוו. פּאָטשאַטיק.

15()2

מאַכן אַן אָ,. אַ גוטער אָ,. איבערדרייען די יוצרות און כאַפּן דעם סוף פֿאַרן אָ'. ,,קאָנען טאָן די מצווה בשלימות... אין דעם אָ, פֿון דער מצווה... און אין סוף“, חה, ב, קפֿז. ,,זי האָט געדאַרפֿט זייער פֿיל האָבן און נאָך נישט געהאַט קיין אָ, א ו י ף יום־טובֿ“, ממוס, דאָס

קליינע מענשעלע.

6. גרונט, עיקר, יסוד. דאָס וואָס איז מינימאַל. עלעמענטאַר. „דער אָ, פֿון חכמה איז יראת־שמים“, מם, משלי תּקע״ד, ט, 10. אָ'־ידיעות אין כעמיע. אָ'־אינפֿאָרמאַציע. אָ'־ק ו ר ס.

אָנהייבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנהייבן ←. „זיבן וו□וכן דוא זולשֿט צילן צו דיר, פֿון אַן היבונג...“, טח□ דבֿרים, טז, 9. „עשׂ איז ניט קיין אַן היבונג צו דײַן ערשטונג אונ, איז קיין ענד אונ, איין (תּכלית) צו דײַנר לעצטונג„, [סידור] תּפֿלה למשה..., דעסוי 1696, קסג/א. „דיא אַן הי. בונג גזאנג דער לוים... זאָל ניט ווערן וועק גנומן“, מחזור שלש רגלים, ח״ב, אַמשט 1713. “אַז די גמרא גיט (כּל התחלות קשות) אַל די אַן היבונג קומט איינם שווער אַן“, לט1, כו/ב. “ווער האָט אָנהייבס אָ, באַנומען? ווער האָט אור־אורעניש דערקענט“, צײַט, גש I.

אָנהייביק — אַדי. 1. וואָס איז בײַם (סאַמע) אָנהייב. ערשטיק. וואָס פֿון דעם הייבט זיך אָן. “דער משיחיזם, איינער פֿון די 'זײַטיקסטע, באַגריפֿן פֿון יעדער רעליגיע, זײַטיק, ווײַל צו אַלט, צו אַרכאַאיש און אָ'“, קאָר 2 .I. וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אָנהייב. אָ'ע

דורכפֿאַלן. אָ'ע טריט. אָ'ע פּרוּוון ־יקייט
▯
פֿאַראַן אַן אַספּעקט פֿון אָ, מיטן
הילפֿס— “ — —
ווערבֿ נעמען, למשל: ער נעמט מאָלן, ער האָט
גענומען זינגען,,, ימ, ייִשפּ X, 2.
אָנהייבן — אוטוו & טרוו. הייבֿ אָן, ▯ ,געהויבן.
מאַכן אַ התחלה. Mhd: an. 1־▯ eben
אָנפֿאַנגען. אבֿ, שמות דבֿריס, איזנע 1542
פֿאַרטײַטשט 'להתחיל, — “אַן היבן“. אָ, פֿון
אָנהייב. אָ, פֿון בראשית, פֿון (ששת
ימיבראשית. אָ, לערנען גמרא. אָ, אַ
קאָרעספּאָנדענץ. אָ, די זיצונג. אָ, צו פֿירן אַ רעדל. אָ,
צו רעדן שידוכים. אָ, זיך (צו) קריגן. ,,גילובט
זײַא גוט דער מיר האָט געבן קראַפֿט אונ,
שטערק צו אַן היבן אונ, צו בֿולענדן דיזשׂ
ווערק,,, שמואל־בוך, עפּילאָג. “אַקדמות — ווי
איך אַן היב צו רידן אונ, בגין צו שפּרעכן“,
,טײַטש פֿון אַקדמות, פֿיורדא 1694 [פֿש III].
,
“וויא משה רבינו ע,,ה דען מצרי אום
גיבראַכט... דז זעלביגי מאָל האָט אַן גיהוכן דיא
מפּלה פֿון דיא מצרים“, אַריה ליבֿ בר, יהודה

זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא .1725
,,למשל ווען נאָר איין קינד א״בּ אַן היבּט...,,,
דאָרטן. ״דא היבּט דער פּריזידענט [פֿון דער
קומיסיאָן] אַן מן זאָלט דען שטאַט ריכטר אונ
אויך דען הענקר היניין קומין לאזין״, 'אַ
פֿראָגער פֿאַמיליען־מגילה', 1732 [
וואַכשטיינבּוך, ייִוואָ]. ,,זאָלן אָ, בּויען דעם ישוב די יונגע,
וועלכע האָבּן כּוח און טויגן צו דער אַרבּעט״,
ממוט, אין אַ שטורם־צײַט ״דאָס בּאַרימטע

אָנהייבּן

מוח־פֿאָלק וועט אָ, די אומאַנדערשונג פֿון זײַן
לעבּן״, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
ווערט אָפֿט געניצט אין אַזעלכע
פֿאַרבּינדונגען די ווײַטערדיקע דוגמאָות און ציטאַטן
קענען געהערן מער ווי צו איין פּונקט]:
א) בּײַם אָנפֿאַנגען אַ טואונג: אָ, אַרבּעטן,
עסן. אָ, דערציילן, שפּילן אאַזוו.
בּ) בּײַם אָנפֿאַנגען אַ לאַנג־דויערדיקן
פּראָצעס: אָ, שיכּורן. אָ, תּשובֿה טאָן. אָ, צו
קינדלען. אָ, אַ וואַלקאַמפּאַניע. אָ, אַ געשעפֿט. ,,דאָס
גאַנצע יאָר איז זי ליידיק געזעס , און ערבֿ
יום־כּיפּור האָט זי אַ זאָק אָנגעהויבּן״, שוו.

,,און אַז וואול אַז מן דאז (בּית המקדש) האָט אַן גיהויבּן צו בּויאן‘‘, לט1, טז/ב. ,,און היבּט אַן פֿרום צו ווערן, טוט זעלכי כּיזי מעשׂים נימר מער‘‘, עפּש, דרך הישך לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. ‘‘און אַז אַלץ גייט איבּער, הייבּט מען אָן אונטערפֿירן חשבּונות‘‘, שע, אַלט־ניַי כּתרילעווקע.

ג) דזון א, אָבּער מיט אַ בּיַיבּאַטיַיט אַז עס געשעט פּלוצלינג: אָ, לויפֿן, שריַיען, וויינען. אָ, בּושעווען. ,,איך האבּ אַן גהובּן צו שריַיאן און, צו וויינן‘‘, אַ פֿראָגער פֿאַמיליען־מגילה',

,

1732 [וואַכשטיין־בּוך, ייִוואָ]. ‘‘כ'נעם דאָס בּריוועלע אין האַנט אַריַין / און הייבּ עס אָן צו ליַי־נען. / ס'פֿאַלט אַ טרויערקייט אויף מיַין האַרצן, / דאָ הייבּ איך אָן צו וויינען‘‘, פֿל. ,,ווען דו דיַין וינדא [— פֿיַינד] זיהשׂט גיגן דיר גין —

זי היבּא אַן און, לייא ויהי נועם‘‘, כּ,,י 'ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. ,,ווען די חשמונאָים זאָלן ניט געווען אָ, די מלחמה מיטן שׂונא...‘‘, ממוס, ,אַ שטאָט אין מזרח'. [בּיַי דעם פּונקט ווערט צו פֿאַרן אינפֿיניטיוו אָפֿטער

דורכגעלאָזט ווי בײַ די אַנדערע פּונקטן.]
ד) בײַם איבערחזרן אַ טואונג: אָ, אַ נײַ געשעפֿט. אָ, אויפֿסנײַ. אָ אַ נײַ לעבן. אָ, (אויף

אַ נײַעם קאָן. אָ, נאָכאַמאָל. "דא וויל איך איין אַנדר בײַא שפּיל העבן אַן...", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. "אַלע נאַכט מוז מען אָ, צו צינדן (די חנוכּה־ליכט) פֿון דעם פֿרישערן לעכטל", דרך אָדם, וואַרשע 1860. „אַז מען איז גומר די תּורה דאַרף מען זי תּיכּף אָנצוהייבן, מע זאָל ווײַזן אַז די תּורה האָט נישט קיין הפֿסק און אַן אויסלאָז„, ספֿר מטעמים, לאָדזש, יאָר? "אָסיען, די רעכטע צײַט ווען בײַ ייִדן אין דער פֿאַמיליע הייבן אָן קליידער איבערגעניצעוועט און מגולגל ווערן פֿון איין מלבוש אין דעם אַנדערן", ממוס דאָס קליינע מענשעלע.
ה) אין פֿאַרבינדונג מיט דער צ ײַ ט פֿון אָנפֿאַנגען: די פֿאָרשטעלונג (לעקציע) הייבט זיך אָן פֿינקטלעך 8 אָוונט. „איבעראַיאָר הייב איך אָן גיין אין שול„. אָ, זונטיק אַ נײַע סדרה. "עשׂ אישׂט הוייט וירציג טאָג דשׂ דער שטרײַט הובּ אַן", שמואל־בוך, סטראָפֿע 324. "מן זול ניט ראַטן דשׂ איז הײַט גוט צו טון דשׂ איז מורגן גוט צו טון, עשׂ זײַא צו וונדרין אודר

איין ערבט אַן צו היבן", בראַנט, פּרק ס.
,,דא ווײַל דיא וואוך אַן היבט וויל מן אייטל
פּסוקים פֿון ברכה זאגין,,, ספֿר המנהגים,
אמשט 1723.

אָנהייבן

ו) אין פֿאָרבינדונג מיט אָ ר ט, מיט
פּאָזיציע, מיט עמעצן אין אַ באַשטימטן מ צ ב:
אָ, פֿון ברעג. אָ, פֿון סוף. אָ, פֿון מיטן. אָ,
דעם מאַרש פֿון שול־בנין. אָ, פֿון 'מה־טובֿו',
פֿון ,ברוך שאמר, פֿון 'אַל־עליון, פֿון אַלף־בית.

פֿון צפֿון זיא זול אַן היבן דאָס ביז איבר אַל
,,
דיא אים לנד וואונן", שעריר, א, יד. ,,פֿר
שטערקן דיא ערשט אַן היבן אונ, ווײַזן דעם
וועג דיא פֿר אירטן,,, חה, אַמשט 1716, ז/ב.
,,מע האָט אָנגעהויבן פֿון די נאָענטע קרובֿים
און געגאַנגען כסדר ביז די ווײַטסטע,,, ממוס,
ווינטשפֿ.

ז) בײַם אָנפֿאַנג פֿון אַ נאַטור־דערשײַנונג:
די זון הייבט אָן אונטערצוגיין. אַ קליין רעגנדל
הייבט אָן פֿאַלן. עס וועט באַלד אָ, טונקל ווערן.

עס הייבט אָן צו טײַען. „און, זגטן אַזו לנג
בון יציאת מצרים ביז עז אַן הוב צו טגן“,
'מדרש ויושע, [ייִבל II □ XI]. פֿיג. „אין קאָפּ בײַ
איר, וואו ביז אַהער איז געווען רואיק,
שטאָקטונקל, הייבט אָן פלוצעם צו טאָגן“, ממוס,
ווינטשפֿ.

ח) אין פֿאַרבינדונג מיט אַ גע□יל, אַ
שפּירונג, אַן איבערלעבונג: אָ, פֿילן, דערשפּירן אַן
ענדערונג, אַ שינוי. אָ, פֿילן ווייטיקן אין
קערפּער. אָ, קריגן היץ, האַלוצינאַציעס. אָ, ווערן
אַלט און גרוי. אָ, פֿילן די יאָרן. אָ, קריגן
רחמנות אויף עמעצן. אָ, ווערן מיד,
פֿאַרמאַטערט. אָ, געניסן פֿון לעבן. אָ, בלאָזן פֿון
זיך. אָ, האַלטן זיך גרויס. „דער שלימזל שטייט
זיך גאַנץ רואיק, עס זאָל דאָס אים אָ, צו אַרן„,
ממוס, דאָס קליינע מענשעלע „מע זאָל אָ,
דערפֿילן אין זיך די נצוצין פֿון אַן אַנדערן,
פֿון אַ גרעסערן יש“, אַש, תּהילים־ייִד. „דער
כּעס בײַ יאַבלאָנען האָט אָנגעהויבן
איבערצוברענען“, אָפּאַ, 'פּעטש'. „די וועלט הייבט אָן
צו ווערן לעכערדיק און ווערעמדיק„, נאָמ,
,דאָס רבישע איינִיקל'.
ט) אין פֿאַרבינדונג מיט אַ שׂכלדיקן פּראָצעס:

אָ, באַנעמען, פֿונאַנדערקלײַבן זיך אין עפּעס.
אָ אַ וויכּוח. אָ, פֿאַרשטיין די סודות פֿון דער
,
וועלט. אָ, דערזען דעם אמת. אָ, זיך
נאָכצופֿרעגן. „שבת־מבֿרכין אלול... יעדער ייִד איז
שוין געוואָרן מער מתינותדיק, מער פֿאַרטראַכט
און מע האָט אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אָן אַלע
וואָכעדיקע זאַכן„, לדבֿ, 230. „איך האָב
אָנגעהויבן בײַ מיר צו טראַכטן אויף די גאַנצע
מעשׂה איז ניט קיין חלום„, ממוס, קליאַטשע.
„ער האָט געזען אַז זײַן הצלחה הייבט אָן צו
שײַנען“, ספֿר אהלי צדיק, פשעמישל, יאָר?
י) אין פֿאַרבינדונג מיטן רעאַליזירן,
דורכפֿירן עפּעס. אײַנפֿעדעמען. מאַכן ערשטן טראָט,
פּרוּוו. אָ, פֿאַרווירקלעכן די בוי־פּראָיעקטן. אָ,
דורכפֿירן די באַשלוסן. אָ, און (ניט)
פֿאָרענדיקן. „לאָמיר אַקאָרשט אָ, און דאַן (שפּעטער)
וועט מען זען“, „ער האָט אָנגעהויבן, זאָל ער
אויסלאָזן“, פֿוול. „דען ווען איינער אַן היבט איין
מצוה צו טון דא זאָל ער זיא אויז טון“, צאינה,
מטות, קכד/א. „די מעשׂה איז מיר שווער צו
דערציילן, נאָר ווײַל איך האָב זי שוין

הויבן מוז איך זי שוין אויספֿירן“, נחבֿ, ,מעשׂה מהז, בעטלירס'.

יא) ווען עס ווערט דורכגעלאָזט דער ווערבֿ וואָס באַצייכנט די טואונג, און דער סובֿ ווײַזט שוין אָן אויף איר [אַ צאָל דוגמאָות אין די פּריִערדיקע פּונקטן]. אָ אַ רעדע, אַ קאָנצערט.

,

*אָ, מיט קידוש און ענדי�ן מיט קדיש = אָ, מיט לויבֿ און פֿאַרענדיקן מיט מבֿטל מאַכן.

,,... יאקבֿ לעבֿ הט חומש אַן גיהובֿן, זוא ווינש דיר זאָלסט אַל צײַט שׂמחות אַן אים זעהן“, יוסף מאַרשן, חנוך לנער פֿיורדא 1774. ,,

רו,

פֿן... עטלעכע ייִדן אויף דעם יום־טובֿ צוליבֿ איר קינדס אָ, חומש,,, יד, אבֿן נגף. ,,אָ, ווי אַ קנאַקער, און ענדיקן ווי אַ קאַקער,, פֿוול,

,

גראָבֿ. “איין שין נײַא ליד... וויל איך היבֿן אַן,,, אַהרן בר, יוסף, ,איין שין נײַא ליד פֿון אובן', פּראָג 1688. ,,איי מן והוא רחום אַן היבֿט, זאָגט מן לדוד ברוך און, למנצח בנגינות,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723 פֿלעגט זי אָפֿט

„ .
קומען... מיט אַ זאָק אין דער האַנט און
האַלטן זיך עצות, צי ס'איז שוין צײַט
אָנצוהייבן די פּיאַטעס„, ממנס שלמה. „איז ער
דעם מיידל... געפֿעלן און צו 15־16 יאָר
האָט ער מיט איר אָנגעהויבן סודות“, ייִל, דאָס
פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. „דאָס
שנײַדערל... הייבט אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש“,
ממוס, שלמה.

יב) אַזוי ווי בײַם פֿונקט י און דער אַדוו (ווי
אויך די פֿאַרבינדונג מיט פֿריִערדיקע רייד
אָדער מיט דער סיטואַציע) ווײַזט שוין אָן
אויף דער טואונג. אָ, הויך. אָ, שטיל. אָ,
פֿאָרטיסימאָ. אָ, גרויס און פֿאַרענדיקן קליין. „
הערשעלע האָט זיך צעשאָקלט, אָנגעהויבן הויך
אויפֿן בײַקולכן“, ממוס, ווינטשפֿ. אָ, דעם

קדיש צו הויך = צו שטאַרק לויבן דעם נפֿטר.
2. נעמען פֿון אַ גאַנצער זאַך, פֿון אַ פֿולן
סכום און דערבײַ בטל מאַכן די גאַנצקייט, די
פֿולקייט. אָ אָ ברויט = שנײַדן פֿון אַ גאַנצן

,
לאַבן. אָ אַ סלאָי אײַנגעמאַכטס. אָ אַ פֿעסל

אוגערקעס. „דער פֿאָטער הייבּט אָן די חלה און טיילט פֿונאַנדער יעדערן אַ המוציא„. *אָ, די סמעטענע = א) אַראָפּשעפּן פֿון אויבּן די סמעטענע און אָ, שלאָגן פּוטער; בּ) אויסקלייַבּן דאָס שענסטע.

3. אַנשטאָט אָנהייבּן ז י ך. מיטן בּ: זיך פֿאַרטשעפּען מיט עמעצן פֿאַרפֿירן אַ קריגערײַ, אַ מחלוקת, אַ געשלעג פֿאַרפֿירן מחזקות.

זאָלסט מיט אים בּעסער ניט אָ'. „כ'וויל מיט אים ניט אָ'. כ'האָבּ מורא פֿאַר אים“. „וויל איך אים פֿאַרשווײַגן, הייבּט ער מיט מיר אָן„, פּל. „אַז ער'ט אָ, מיט מיר, וועט ער ענדיקן מיט דעם מלאך־המוות“, פֿוול. „ווער עס הייבּט אָן מיט יידן האָט אַ וויסטן (אַ פֿינצטערן) סוף“, שוו. “איר יודן איר זײַט נאַרן. ווש וואָלט איר הייבּן אַן“, שמואל־בּוך, סטראָפּע 333. „יתרו שפּראַך: היבּ נישט מיט ישׂראל אַן, דען איר גאָט העלפּט אין אַלי צײַט“, טח, שמות. “האָבּן זיי נישט געזאָלט אָ, מיט 'אַחינו בּני ישׂראל'!“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען פֿאַרוואָס הייבּט

„ .

זיך אָן די דרײַצנטע ברכה: 'על הצדיקים ועל

אָנהייבן זיך

החסידים, און נישט 'על החסידים ועל הצדיקים'? — ווײַל מיט חסידים טאָר מען נישט אָ',,, שפּאַסיק פֿוול. ,,אַרוואָס האָט מען ס' ערשטע נישט באַשאַפֿן חוהן, נאָר אָדמען? ווײַל מיט אַ פֿרוי טאָר מען נישט אָ',,, שפּאַסיק ווערטל. ,,זענען זיי נעבעך בײַ זיך אַליין געפֿאַלן, זיי האָבן מורא אָנצוהייבן מיט אַ שטאָט,,, דער יודישער פֿאַר־פּסח, וואַרשע 1881.

4. אָפּט מיט נ י ט. עמפֿאַטיש אַרויסהייבן דאָס ניט קענען (וויסן אע). ניט אָ, (צו) וויסן (אַ וואָרט). ניט אָ, (צו) הערן. ניט אָ, (צו) פֿאַרשטיין. ,,איך זאָל דאָס אָ, פֿאַרשטיין אַ וואָרט‘‘, ממוס מסעות. ,,ער האָט ניט אָנגעהויבן וויסן פֿון דעם וואָס מע האָט אים אויסגעשטעלט ער זאָל זאָגן אויף זײַן יום־טובֿ‘‘, שע פֿונעם יאַריד.

אָנהייבן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. צום ב1:
די מעשׂה (געשיכטע, היסטאָריע) הייבט זיך אָן. *הייבט זיך אָן אַ מעשׂה — געניצט מיט

אומצופֿרידנקייט. *עס הייבּט זיך ניט אָן =
ס'איז אַ ליגן. ,,עס הייבּט זיך ניט אָן און עס
לאָזט זיך ניט אויס,,, פֿוול. ,,ניט מיט דיר וועט
זיך די וועלט אָ, און ניט מיט דיר וועט זי זיך
ענדיקן‘‘, שוו. ,,וואָס די שׂמחה הייבּט זיך אָן
שפּעטער, דויערט זי אַלץ לענגער‘‘, שוו. ,,אַ
הון מיט אַ האָן — די מעשׂה הייבּט זיך (ניט)
אָן; אַ קאַץ מיט אַ מויז — די מעשׂה איז אויס‘‘,
אין מעשׂיות פֿאַר קינדער. ,,אַ הון מיט אַ
האָן — די מעשׂה הייבּט זיך אָן; צוויי הינער
און צוויי הענער — איך קען דעם ליגן (איך
דערצייל עס) שענער‘‘, פֿוול בײַם אָפּלאַכן פֿון
עמעצן וואָס גיט איבּער אַ פּאַסירונג און די
צוהערערס גלייבּן אים ניט. *דאָ הייבּט זיך
ערשט אָן די אמתע (רעכטע) חתונה = דער
טומל, די פֿאַרדרייטע געשיכטע, דער פּלאָנטער
אע. ‘‘מיט וואָס הייבּט זיך אָן דער טויט און
מיט וואָס לאָזט ער זיך אויס?‘‘, פֿרש [מיט אַ
ט]. ,,דאָ הובּ זיך אַן גרושׂ קלאָגן‘‘,
שמואלבּוך, סטראָפֿע 85. ,,אַך היישׂט די תּורה לבֿ
טובֿ, דען דיא תּורה היבּט זיך אָן מיט דער
בּית (בּראשית) אונ לאָזט זיך אױשׂ מיט דער
למד (לעיני כּל ישׂראל) — דז איז לבֿ‘‘, לט1,
הקדמה. ,,דא הובּ זיך אַן איין גרושׂר מורט

[= מאָרד]״, בבֿא־בוך, 598. ,,דרום ווען זיך דער קריג טוט דורכשׂ ווײַב אַן היבֿן, דא מוז מן הויז אונ, הויף אַליז אין גרונד פֿר דערבֿן,,, צוכט. ״האָט זיך איין גרוישׂר קטט [= קריגערײַ] בין מוהר״ר מאיר וואלק אונ, זלמן גנשׂ אַן גיהאבֿן״, גה, 335. ,,צום סוף טאָג הייבֿן זיי זיו אָן צו געזעגענען איינער מיט דעם אַנדערן, דאָס האַרץ מיט דעם קוואַל״, נחבֿ, ,מעשׂה מהז, בעטלירס'. ,,בײַנאַכט האָט מען זיך אָנגעהויבֿן צו שפֿירן דאָס מען איז אַ ביסל אומפֿאַס״, אמד, דער אונגעבעטענער גאַסט, ווילנע 1871. ,,וואָס האָט איר זיך אויף זיי קוקנדיק אויך אָנגעהויבֿן זיך אָנדויען אויפֿן זשאַרגאָן?״, [מ. דלוגאַטש], דער לאַכידיגער ווערטיל זאַגער, לעמבערג 1883. ,,דער דיפֿטעריט... קען זיך אויך אָ, אויף דעם קליינעם צינגעלע״, דר, מ. זוסמאַנאָוויטש, די הויזליכע

אָנהייבֿנס

מעדיצין, ווילנע 1887. ,,די מאַמע... האָט זיך אָנגעהויבֿן צו פֿאָרען מיט גוטע ייִדן אונטער דעם טאַטנס וויסן!״, אבֿג, גלגול, וואַרשע תּרנ״ו. ,,אַ פֿאָגראָם אַז עס הייבֿט זיך אָן,

ציט זיך עס אַוועק דרײַ טעג“, שע, מאָטל... I.
„הייבּן הייבּט זיך עס אָן שטיל... גלײַך שטילע
פֿײַערלעך צישען“, פּרץ, זכרונות....

צום בּ3□ “מיט אַ רבּים טאָר מען זיך ניט
אָ'“; “הייבּ זיך אָן מיט אַ בּעסערן ווי דו בּיסט
אַליין“, שוו. „וועסט זיך אָ, מיט אים, וועסטו
ענדיקן מיטן מלאך־המות“, פֿוול. „זײַן זון איז
אַ שטיל קינד, וועט זיך ניט אָ, מיט ,קבּצנישע
קינדער'“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע II. “ניטאָ
זיך מיט וועמען אָנצוהייבּן“, א. גאָלאָמבּ, ייִבּל
□ו1 ,I.

אָנהייבּנס — דאָס, ־ן. 1. דזוו אָנהייבּ,
אָנהייבּעניש. התחלה. „... לאָז זײַן מיט דעם
לכּבֿוד ר, מענדעלי־לעבּ און דאָס פֿערדל מיט
אָ„ בּמקום כהן, להבֿדיל“, ממוס, בּהמות.
2. טייל פֿון דאַוונען. ערשטע תּפֿילות פֿון
דאַוונען. אָנהייבּ פֿון דאַוונען בּיז פּסוקי דזמרא.
ספּעצ ראָש־השנה און יום־כּיפּור (בּיז 'האל
בּתעצומות עזק'). „... איז קיין עם־האָרץ
געווען. ער האָט אַמאָל אַ מנחה שבּת געדאַוונט.
אָ, ראָש־השנה, יום־כּיפּור האָט ער אויך
געקאָנט“, יאַ, שטערנטיכל. “אין שול דאַוונט מען

שוין אַפּילו, נאָר איצט גייט אָ,,,, בּ. גאָרין, אַלע ווערק.

3. דער. מעטאָנימיש. דער וואָס דאַוונט בּײַם עמוד פֿאַרן בעל־שחרית. ניט־דערגאַנגענער חזן. איינער וואָס רײַסט זיך צום ווערן (וויל ווערן) אָ חזן. "ער קען אַ בּיסל זינגען אויפֿן אַלטן שטייגער, איז ער אַן אָ, בּ אַ
י

מנין, אַ מנחה יום־כּיפּור קען ער דאַוונען, אַ שטיקל קורא,,, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844.

אָנהייבּס — אַדוו. דזוו אין אָנהייבּ, לכתּחילה. ,,אָ, האָט ער ניט געוואָלט, דערנאָך האָט ער צוגעשטימט". ,,בּעסער אָ, זאָגן דעם אמת איידער דערנאָך זיך נעמען דרייען".

אָנהייבּעוודיק — אַדי. וואָס איז התחלהדיק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אָנהייבּ. אָ'ע בּאַמיאונגען. ־יקייט — ,,דאָס וואָרט פּתחון איז אַן אָנוואונק אויף אָ"", צײַט, טמז, 12 1957 II.

אָנהייבּעכץ — דאָס (די), ־ן (־ער). 1. דזוו אָנהייבּנס. 2. דזוו אָנהייבּ מיט בּײַטעם פֿון בּיטול.

אָנהייבעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אָנהייבן (זיך). דזוו אָנהייב. „אַזוי ווי די גמרא זאָגט: (כּל התחלות קשות) אַלע אָ, איז שווער“, לט2, כה/א.

אָנהייבער — דער, ־ס. 1. דער וואָס הייבט אָן. ערשטער. אָ, בײַם זאָגן. אָ, בײַם זינגען. אָ, בײַם מאַרשירן. „ווײַל איר [= זייער] צאָל איין ענד האָט, מוזן זיא האבן איין ערשטן אַן היבר דז קיין ערשטר פֿר אים איז“, חה, אַמשט 1716, יד/ב. „ער זאָל ניט זײַן דער אָ, פֿון צו ריידן“, הרבֿ משה מורט, מדות ישרים,

זולצ4()15

באַך תק“מ. „ס'איז געווען אַ בחור אַ גוטער זינגער פֿלעגט ער זײַן דער אָ„ און אַלע נאָך

,

אים אינאיינעם אַ כאָר“, א. בערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926. 2. דער וואָס מאַכט דורך די ערשטע סטאַדיע פֿון אַרבעטן בײַ אַ פֿאַך (אויך ווען ער איז אַ פֿאַכמאַן). אָ, אין וועבערײַ. 3. דער וואָס הייבט אָן צו לערנען אין אַ שול, חדר אע. דער אָ,

מיט זײַן אַלף־בית. „ער לערנט ערשט צוויי
מאָל צוויי איז פֿיר. ער איז אַן אָ'“.
4. דער וואָס איז ניט געניט אין אַ געוויסער
אַרבעט; וואָס שטעלט די ערשטע טריט אין
א געוויסן געביט פֿעלד. אָנפֿאַנגער. אָ, אין

-

-

,

מסחר. אַן אָ, אין דער חכמה פֿון שנײַדערײַ.
„ער איז נאָך ניט קיין פֿאָלנער גנבֿ, ער איז
ערשט אַן אָ',„. 5. עם־האָרץ. איגנאָראַנט.
דילעטאַנט. “ער איז אַ טויגעניכץ, אַן
אייביקער אָ',„. “ווי אַזוי זשע זאָל מען דערלאָזן אַז
אַזאַ שטעטל זאָל ווערן דאָס פֿוסבענקעלע פֿון
אָ'[ס]?“, ז. שזר, טמז, 6 .9 □1964 III.
גרינדער. אינאָוואַטאָר. פּיאָנער. מחדש. אָ, פֿון אַ
דינאַסטיע. אָ, פֿון אַ שיטה. עדיסאָן דער אָ'.
„געבענטשט זאָל זײַן דער אָ, און געבענטשט
זאָל זײַן דער אויסלאָזער“ [טײַטש פֿון: 'ברוך
אַשר התחיל ומבֿורך אַשר גמר,], קמ, 1868,
No 40. „אַן אָ, איז ניט דער וואָס הייבט ערשט
אָן (דער איז אַן אָנפֿאַנגער). אַן אָ, איז דער
וואָס מאַכט אַן אָנהייב פֿון גאָר אַ נײַעם ווע□',

שנ, 1921.

7. פֿטמ. דער וואָס איז אַ שטויס צו עפּעס נײַס. „דער שדכן איז געווען דער אָ, צו מײַן גליק„. „אפֿשר ביסטו דער אָ, צום אומגליק וואָס איך וועל האָכן צו געדענקען ביז אין טויט אַרײַן“, טויזענד אונד איון טאָג, וואַרשע 1839. 8. לערנביכל פֿאַר אָנהייבערס. אַלףבית ביכל. קויפֿן פֿאַרן קינד דעם ערשטן אָ'. הייסט אויך — אָנפֿאַנגער ־עריי.

— .

אָנהייבעריש — אַדי. וואָס איז (אַזוי) ווי ביי אַן אָנהייבער. „די אָ'ע אומבאַהאָלפֿנקייט י

איז חנעוודיק און צוציִענדיק“, ימ, קוד, 1938.

־קייט — “דאָס נעמט ניט אַוועק פֿון קאָכרינס... זעלבשטענדיקער אָ',„ ב. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... „ער האָט פֿאַרעפֿנט...

לעכט אין בוך־פֿאָרעם אַ פּאָעמע, וואָס געהערט צו די יאָרן פֿון זײַן אָ, אין דער ייִדישער פּאָעזיע“, יג, תּוך I.

אָנהייבשול — די, ־ן. שול וואו מע הייבט אָן לערנען לייענען און שרייַבן. שול פֿאַר

אָנהייבערס. „מײַן טעכטערל גייט ערשט אין אָ'„.
אָנהײַזלדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
-
הײַזל. ▯— מײַזעלע, מײַזעלע, אַרײַן אין דײַן
הײַזעלע! — זי איז אַן אָ'ע, לויפֿט זי דאָ
אַרום„, רייד (קינד, נ״י).
אָנהייך — דער, ־ן. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנהייכן. אָנשיט.
אָנהייכן — טרוו. הייך אָן, ~געהייכט. מאַכן
הויך, מאַכן עס זאָל ווערן העכער. אָ, די
אַקסלען מיט וואַטע. אָ, די אָקאָפּעס. ״ער האָט...
אָנגעהויפֿט ווערטער, אָנגעהייכט אַזוי ווי דער
-
אָנהייפּן
ווינט וואָס באַרגט אָן אַ סך בלעטער בײַ אַ
וואַנט„, י. ביאַלאָסטאָצקי, דוד עדעלשטאַט
געדענק־בוך. „אַזוינע הויכע בערג שניי האָט עס
אָנגעהייכט״, איבז, א, האָלאָווקא, פּראָלאָג,
קיִעוו 1935. ־ונג. ־עניש.
אָנהיילן — טרוו. הײַל אָן, ~געהײַלט.
מיט ▯-
אַמאָל, פֿלוצלונג אָנהייבן צעצויגן בילן, וואָיען.

„די הונגעריקע שאַקאַלן הײַלן אָן און טראָגן
זיך אָפּ“, רייד (א״י, 1947).

אָנהיימיק — אַדי. וואָס איז אָן אָ היים;
וואָס האָט ניט קיין היים. „אַ דאַך פֿאַר אַלע
אָ'ע“, אַש. ״אָ'ע פֿעלקער מיט הינטישן וואָיען,
ועט איר נאָך דולדן די דוליקע האַרן?“, סוצ,
פּאָעטישע ווערק I.

אָנהייסונג — די, ־ען. אַרכ. [אפֿשר ~
היישונג, [Mhd: an־(□)e□s(□hun]□e□. בקשה.
פֿאַרלאַנג. „עשׂ זאַל דר פֿילן גאָט אַלי דײַני אַן
הייסונג“, עח, עה/א. „און, וואשׂ איז דײַן אַן
הייסונג עז זאַל ווערן גיטאן“, צאינה, אסתּר,
קעח/ב. ״זאָלשׂט פֿול בּרענגן דיא אַן היי□)ונג
מײַנשׂ הערצן„, מחזור שלש רגלים, ח״בּ,
אַמשט 1713, ככ/ב; מהמ, אַמשט 1722
פֿאַרטײַטשט 'ואלהי ישׂראל יתּן את שאלתך, (
שמואל א, א, 18): „דער גאָט פֿון ישׂראל זאָל דיר
געבּן דײַן אַן היישונג וואשׂ דוא פֿון אים
בּגערט האשׂט“ [תּי: „דײַן בּקשה“]. „איך בּעט
דיך גאָט... זאָלסט דערפֿילן אַלע דאָס אָ, מײַנס
האַרצן צו גוטן און בּענטשונג“, תּחנות ובקשות,
ווילנע 1858, יז/א [איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט
.[1798

אָנהייסן — טרוו. הייס אָן, ~געהייסן. 1. הייסן

טאָן אַ סך זאַכן, באַפֿעלן פֿאַרשיידנס. "וואָס
דער בעל־הבית האָט אַלץ אָנגעהייסן פֿאַרן
אַוועקפֿאָרן!". „גאַר ביהענד זאָל זיא מעלקן
דיא קוא אונ, אויך דיא גייסין, אַך זאָל זיא
אים ניט צו פֿיל אַן הייסין", ספֿר משלים פֿ◌דמ
,
1686, מד/א. 2. אַרכ. ← אנהיישן. בעטן.
פֿאַרלאַנגען. מאָנען פֿאָדערן. „איַיך גביט איך
— — .
מלך דז אַלש (די ישאלנכון) דז ער וועט אַן
הייסן אונ, ביגערן פֿון איַיך עזרא הכהן",
סהמ, עזרא, ז, 21, לובלין שפ„ו. „הײַנט האָכ
איך אָנגעהייסן... איך זאָל זיצן אין גאָטס הויז
אַלע טאָג מײַנס לעבן", תּחנות ובקשות, ווילנע
1858 [איבערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798].
אָנהייפֿלען — דזוו אָנהויפֿן ←. „צום
אומ◌־
גליק האָט ער געהאַט אַזוי ווייניק
שפּראַדגעפֿיל, אַז ער פֿלעגט וואָרט־פֿאַרבינדונגען אָ,
צו עטלעכע אויף אַמאָל,„ מ. נייגרעשל, צוק,
יאַנ, 1954.

אָנהייסן — דזוו אָנהויפֿן →. “אַוואו איז נאָך
דאָ אַזאַ גליקלעכער טאָג, אין איין טאָג [
יוםכּיפּור] זאָל ווערן פֿון דעם גאַנצן פּעקל
עבֿירות וועלכע מע האָט אַ גאַנץ יאָר
אָנגעהייפֿט...,,, פּלאי, המדבּר בּצדקה, וואַרשע
תּרנ“ב.   מיט ז י ך — ,,בּאַטראַכט נאָר גוט
וואָס בּײַ אונדז האָט זיך אָנגעהייפֿט מצוות זײַט
דעם בּית שני“, קמ, 4 1866, No. ,,אַז די
קעגנבּאַשטרעבּונגען וועלן זיך אָ, חמרים, וועלן
מקוים ווערן ר, שמעון בּן יוחאיס מאמרים“,

אָנהייצן

די וואַרהייט פֿערפֿאַסט מאת רבֿ אחד, פּאָשאַן
,

.1918
אָנהייצן — טרוו. הייץ אָן, ~געהייצט.
1. שטאַרק, אַ סך (מיט בּרענשטאָף)
אָנוואַרעמען, אָנבּרענען. אָ, דעם אויוון, אַ פּליטע, דעם
קעסל. אָ, די הרובע. ,,דער זאַל איז, ווי
געוויינלעך, נישט געהייצט און ווען מע הייצט, וואָלט
מען דען געקאָנט אָ, אַ 'דרויסן'?,,, ר. בּן־ארי,

הבימה, שיקאַגאָ 1937. *אָ, אַ פּליטע = (
שנײַדעריש) אָנגליִען אַ פּרעס(אײַזן). *אָ, די באָד ←
בּ2. 2 פֿיג. אָנהעצן, אָנבּורען, אונטערה ־
.
דען. דורך אינטריגירן בּרענגען צו אַ
קריגערײַ, מחלוקת. אָ, אַ שׂנאה צווישן פּאָרפֿאָלק
און צעפֿלאַקערן אַ פֿײַער. *אָ, דעם אויוון (די
הרובּע) = אונטערהעצן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אנהייש — דער, ־ן. [אפֿשר אָנהייס]. ארכ
. דווו. אנהייסונג פֿאַרלאַנג. בּאגער.
— — — .
,,און, טוא דר פֿילן אַלי אַן היישן אונזרשׂ
הערצן", בּרכת המזון, אמשט 1723, מב/ב.
אנהיישן — טרוו. הייש אַן (?), אנהייש; ~
געהיישן. Mhd: an־he is(hen. . אָנהייסן, בּ2.
1. בּעטן. "דיא קינדר האבּן אונשׂ אַן גיהיישן
בּרוט, איין זולך רחמנות איז ניט צו ליידן,,,
ווינץ. "זאָלן אַן היישן און, זאַלן פֿאָרשן בּרוט",
[סידור] תּפֿלה למשה..., דעסוי 1696, שעח/א.
,,אַנטפֿאַנגט מיט וואול גיפֿאַלן דשׂ גיבּעט פֿון
דיא דא אַן היישן וואַשׂר", מחזור שלש רגלים,

אמשט 1713, צב/ב. „ער גיבט אים ניט ביז
אים דער עני אַן היישט“, לט1, מו/ב. “ווער
דשׂ וויל אַן היישן זײַן בדערפֿניש פֿון הש“י
זאָל מן ניט אַן היישן אוף לשון ארמי,„ עפּש,
דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק לא.
2. באַפֿעלן. “דא גידאַכט זיך משה: איך מוז
נון אויך אַן היישן צו געבן מײַני קינדר דיא
(ירושה) פֿון מײַן (שׂררה)“, צאינה, פּנחס,
קכג/א. 3. מאָנען. „,... ווען ער העט אין
זעלין געלט אַן היישן זוא ווער ער בחרפּה
גיווארן“, מבּ, מעשׂה לט. „,... דאָ דוא מיר
האשׂט דײַן לון אַן גהיישן...„, דאָרטן, מעשׂה
יט.
אנהילונג — די, ־ען. אַרכ. פֿאַרהילונג.
פֿאַרבארגעניש פֿאַרהוילונג. „[אין] אַלע א, דײַן
.
הערץ ווערט דיר גאָט... דײַן געבענטשטן
נאָמען זוכן און טון באַגערן“, [שנ, די יִדישע
ליטעראַטור און די לעזערין].
אָנהילפּיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן הילף
[פּרווו צו פֿאַרבײַטן ה י ל פֿ ל אָ ז]. נעבעך אַן
אָ'ער.
אָנהיצן — טרוו. היץ אָן, ~געהיצט. 1. מאַכן
שטאַרק הייס. אָ, די רערן פֿון דער

צענטראַלבאַהייצונג. „צו שטאַרק אָ, דאָס האָלץ דאַרף
מען אויך נישט — עס דאַרף זײַן אומגעפֿער
אַזוי הייס, אַז מ'זאָל צום געהיצטן האָלץ קאָנען
צולייגן די באַק„, בער. 2. אָנברענען דורך
האַלטן עפּעס אויפֿן פֿײַער. אָ, באַנקעס. אָ אַ

,

פּראָביר־גלעזל. „די היסטאָרישע מעטאָדע צו
מאַכן זויערשטאָף איז שטאַרק אָנצוהיצן דעם

15()5

רויטן פּולווער קוועקזילבער־אָקסיד“, ס.
פֿײַנסטאָון, כעמי ן, נ"י 1920.
3. צוגעבן מוט, קוראַזש. אויפֿרודערן.
אויפֿשטורעמען. אָנצינדן. אָ, די ספּאָרטלער בעתן

פֿאַרמעסט. פֿיג. „דער רעדנער האָט מיט זײַן
פֿלאַמיקער רעדע אָנגעהיצט די לופֿט אין זאַל
און אויפֿגעברויזט דעם עולם“. אָ אַ
דיסקו,
סיע. 4. אָנהעצן. אָנרייצן. אָ, איין ראַסע
קעגן דער אַנדערער. “אַ פֿונק צווישן קוילן
און האָלץ צו פֿײַער — אַזוי איז אַ מענטש אַ

פּעניאַק קריג אָנצוהיצן'', מס, משלי תּקע''ד, כּך, 21.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָנהיקען — אוטוו. ־קע אָן, ~געהיקעט. פּפֿ: ~איקען. 1 מיטאַמאָל, פּלוצלונג אָנהייבּן היקען. אָ, נאָכן טשאָלנט. אָ, און זיך ציִען בּײַם אויער. 2. אָנשטאַמלען. אָנפּלאָנטערן מיט דער צונג בּײַם רעדן. אַנשטאָט אַ קלאָרן ענטפֿער, אָ, עפּעס מע זאָל אַ וואָרט ניט פֿאַרשטיין.

אָנהירזשען — ־זשע אָן, ~געהירזשעט. אויך: ~הירזשענען. אוטוו — 1. מיטאַמאָל, פּלוצלונג אָנהייבּן הירזשען (ווען פֿערד). 2. אָנהייבּן אויף אַ קול לאַכן (ווי אַ פֿערד).

י

אָ, בּעת אַן ערנסטער לעקציע. טרוו — עפּעס אַרויסבּרענגען הירזשענדיק. ''הערט, רבּותי, גוט בּאַטראַכט וואָס האָט אָנגעהירזשעט דאָס נאַרישע פֿערד, אָנגעפּלוידערט מיט זײַן פֿאָלשער ווערט'', ש. מ אָסטראָווסקי, דער מאַסקעראַדין בּאַל, וואַרשע 1884. מיט ז י ך — פּעיאָ, אָנלאַכן זיך.

אָנהכנסהדיק — [... האַכנאָסע...] אַדי

וואָס האָט ניט (בּרענגט ניט) קיין הכנסה; וואָס
איז אָן הכנסה, אָן רווח. אָ'ע געשעפֿטן. אָ'ע
אונטערנעמונג. ־יקייט.
אָנהספּדן — [... העספּעדן] טרוו. הספּד אָן,
~געהספֿדט. איר. מאַכן אַ הספּד און זאָגן
איבּערגעטריבּענע שבֿחים וועגן נפֿטר. אָ אַזוי
,
אַז דער מת זאָל זיך פֿאַרשעמען אין פֿרישן קבֿר.
אָנהעבּל(▯)עווען — דזוו אָנהויבּלע(ווע)ן ←.
אָנהעבּלען — דזוו אָנהויבּלען. „מע נעמט
פֿערטיקע זייף און מע העבּלט אָן גאַנץ דינע
פֿאַסיקלעך און מע לייגט אויס די
סטרוזשינקעס...“, זייף פֿאַבּריקאציאָן, וואַרשע 1912.
אָנהעכערן — דזוו אויסהעכערן ←, 225.
אָנהעלן — דזוו אויסהעלן ←, 225.
אַנהעמיטאָניש — אַדי. < איי < גר, ל.
(מוזיק) וואָס האָט ניט קיין האַלבּע טענער.
אַן אַ'ע גאַמע.
אָנהענג — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנהענגען (זיך). אָ, פֿון די בּילדער.
אָ, פֿון וועש. אָ, אויפֿן טראַפּעז. אָ, אויפֿן
צווײַג. אָ, אויפֿן בּחור. אָ, אויפֿן רײַכן קרובֿ.
2. דאָס וואָס מע הענגט אָן. דער אָ, פֿון
סטענגעס אויפֿן פֿערדס האַלדז. „גיט נאָר אַ קוק

אָנהענגען

אויפֿן אָ, פֿון צירונג וואָס זי שלעפּט אויף זיך,,.
3. דאָס צורעכענען, דאָס צושרײַבן עפּעס צו
עמעצן. אָ, פֿון איינעמס שולדן צו אַ צווייטן.
אָנהענגלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען (לאָזט
זיך) אָנהענגען. אָ'ע סטענגעס. אָ'ע גאַרדינען.
2. וואָס מע קען צורעכענען, צושרײַבן,
אַרויפֿלייגן, אַרויפֿוואַרפֿן אויף עמעצן (עפּעס). אָ'ע
באַווײַזן. [בבֿ 1־2 אויך: ~הענגיק.] 3. וואָס
צווינגט זיך אַרויף אויף עמעצן. אָ'ע קרובֿים.
־קייט — ,,די שטאַרקע אָ, צוגעצויגענערהייט
צו דער ליבער מוטער נאַטור‘‘, פֿרוג I, נ"י
1910. ,,די אָ, פֿון דער אַלטער שיינדל צו מיר
איז שוין אַ סוד פֿאַר אַ מנין לײַט‘‘, ד. י.
זילבערבוש מענשען און געשעהענישען II, ווין
1931.
אָנהענגען — טרוו. הענג אָן; ~געהאַנגען,
~געהאָנגען, אין פּד אויך: ~געהענגט.
1. אָנשפּיליען, אָנטשעפּען, אָנ עסטיקן. אָ,
אויפֿן בעזמען ריכטיקע געוויכטן. אָ אַ מעדאַל
,
אויף דעם אוניפֿאָרעם. אָ אַ שלייפֿעלע אויפֿן

,

קלייד. אָ, אַ קמיע אויפֿן האַלדז. אָ, אויפֿן
ייִנגעלעס האַלדז אַ 'הייעלע, [אַ בלעכל מיטן אות ה,
אַ סימן אַז דער פֿאָטער האָט אים ניט
אויסגעלייזט דורך אַ פּדיון־הבן]. „דאָס הייעלע האָט
אַגבֿ געדינט וו אַ שמירה קעגן חולאתן און
י

עין־הרע ", א רעכטמאן, ייִבל II XI. "דעם האָן
מוז מען אויך אַ שקראַב אָ'", שוו [ווען אַ
צעלאָזענעם בחור אַז מע דאַרף אים חתונה
מאַכן]. „אַן אַשה וואָס זי האָט זיך
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פֿאַרטעך און זי האָט עפּעס
דרויף אָנגעהאַנגען„„ תּקוני שבת, אוסטרהא
1818. „די מזוזה דאַרף מען אָ, בײַ די רעכטע
זײַט פּוטרינע„„ סשי I. „אַזאַ פּתח וואָס ניט
האָט אַ טיר אָדער די טיר איז ניט
אָרײַנגעהאָנגען. זאָל מען אָנשלאָגן די מזוזה אָן ברכה,
און ווען מען די טיר אָנהענגט — זאָל מען זי
[די מזוזה] אַרונטערנעמען און נאָכאַמאָל
אָנשלאָגן", הרבֿ א. ברודאָ, הליכות עולס, אונגוואַר
1864, יא/ב. „אטייל מאַכין זיך פֿר איין קדחת

איין צורה פֿון איינר שלאַנגין אַן צו הענגין,
און איין צורה פֿון איינם ליבֿן [לייבֿ] אַן צו
הענגין... זעלכי זאַכין זײַן דער שטויבֿ פֿון
עבֿודה זרה,,, משה אײַזענשטאט [איבֿז], דרך
הישר לאַבן בוחן, 1746, אָרט? "אַרויסגענומען
פֿון צוקאָפּנס אַ העפּט, צו וועלכן עס איז
געווען אָנגעהאַנגען אַ בלײַער אויף אַ שטריקעלע",
מק, מאָנטיק. אָ אַ כאָמעט אויפֿן האַלדז =
,
מאַכן אַז עמעצער זאָל נעמען אויף זיך אַ יאָך,
אַ התחײַבֿות. ,,מע דאַרף דעם פֿרײַען פֿויגל
אָ אַ כאָמעט אויפֿן האַלדז, אים חתונה מאַכן,,.
,
אָ אַ שלאָס אויפֿן (פֿאַרן) מויל — פֿאַרמאַכן
— , ▯
עמעצן דאָס מויל; צווינגען עמעצן צו שווײַגן.
צונעמען פֿרײַהייט פֿון וואָרט. ,,ועסט מיר קיין
שלאָס אויפֿן מויל ניט אָ,. איך ועל זאָגן וואָס
איך ועל וועלן,,. *אָ, אַ מטבע, אָ, אַ קערבל =
געבֿן שוחד; אונטערשמירן. ,,מע האָט
אָנגעהאָנגען אָן דער דיעלע אַ מטבע, איז זי צוריק
פֿאַרזונקען געוואָרן,,, פּרץ, ,נומער 42'. "זיי
מיינען מע וועט זיי געלט ברענגען, איטלעכער
וועט זיי קערבלעך אָ'", טעיאַטאָר. *אָ, אויף זיך

אָנהענגען

דעם יויזל, דעם תּלוי = א) אַ קריסטלעכן
סימבּאָל; בּ) אויך: זיך שמדן.
2. הענגען, אויפֿהענגען אַ סך. אָ, וועש
אויפֿן בּוידעם. אָ, בּלעכלעך מיט צאַצקעס
אויף זיך. אָ, פֿלאַקאַטן אויף די הײַזער. אָ,
בּלימעלעך אויף דעם פֿאָרהאַנג. אָ, גלעקלעך.
"הענגט אויף איר אָן וואָס ער האָט אי
שמאַטעס, איז פֿון קאָפּ בּאַהאַנגען בּיז די פ
אַי
טעס", ממוס, יודל. „שעדלעך איז... אָ,
קליידער אין די וואוינצימערן און איבּערהויפּט אין
די שלאָפֿצימערן,„ דר, מ. גאָטליעבּ, פּאָפּולערע
היגעניע, וואַרשע 1908, ז, 10. "ד אַלטע טויבּע
י
גויע, וואָס האָט די דירה, הענגט אָן בּײַ זיך
אין קיך יויזלעך מיט צלמים", בּאַש, 'דער ייִד
פֿון בבל, פֿיג „וועלן איבּער אַלע גאַסן שנורן
▯
פֿײַער אָנגעהאַנגען", יהואָש, ,קאַזומי דער
אַלטער שנאָרער'. „שוואַלבּן! פֿאַרטראָגט אין
ווײַטקייט מײַנע אָוונט־שעהן, וואָס איך האָבּ אין

אײַערע פֿליגלען אָנגעהאַנגען“, א. שומיאַטשער,
אין שעהען □ון ליבשאַ□ט. אָ, אויף זיך ווי

□

אויף דער שוויענטע מאַריע, ווי אויף דער
מאַטקע באָסקע = מיט ביטול. זיך אויספּוצן,
זיך אויספּראַנטעווען, זיך אויססטראָצלען. אָ,

□

אויף זיך דעם רוח = זיך אויספּוצן מיט צו פּיל
□ידונג.

3. צורעכענען, צושרײַבן. אָ, אויף איין פּסוק אַ באַרג כוונות. אָ, אויפֿן נפֿטר כלערליי אויפֿטוען. ״זיי האָבן דאָס אַלץ אָנגעהאָנגען אָן דעם זכות פֿון זייער כּשרן בעל־תּפֿילה“, נחב, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'. ״דאָס פֿאָלק נעמט אַמאָל אַן אַלט שפּריכוואָרט און הענגט אים אָן, מיט דער צײַט, נײַע כוונות און באַגריפֿן“, ריב, ייִשפּ □XI, 3ו□

4. מאַכן (אויך: זײַן) אָפּהענגיק פֿון עמעצן אָדער פֿון עפּעס. אָ, אין עמעצן זײַן האָפֿענונג. ״אוי ווײ מיר, כ'בענק נאָך דיר, מײַן גאַנץ לעבן הענגט אָן דיר“, פֿל. ״ווער עס דאַרף נאָר אַ טובֿה זאָל ער קענען אָ, אויף דיר, אויב

דו קענסט נאָר טאָן“, מטכת דרך ארץ זוטא...
והעתקת עבֿרי טײַטש [איבֿז זעליגמאַן], ווילנע 1878. „משה האָט ניט אַן גיהנגין אַן זײַן זכות, נייארט אַן זכות־אָבֿות, אבֿר נח האָט ניט גיהאט אַן וועמין צו הענגין זיא זאלין ניצול ווערין“, נצ 1, טז/ד. “ער וועט אָ, זײַן ווילן אין דעם ווילן פֿון דעם באַשעפֿער און זײַן ליבשאַפֿט אין גאָטס ליבשאַפֿט“, חה, 191. „אַנדערע הענגען עס אָן אין דעם זכות פֿון דער כלהס מוטער“, פרץ, 'מסירת־נפֿש'. „טייל מצוות הענגען דווקא אָן ווען מיר וואוינען אין ארץ־ישׂראל“, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פרק כז.

5. זען די סיבה אין עמעצן אָדער אין עפּעס. אַרויפֿוואַרפֿן די שולד אויף עמעצן אָדער אויף עפּעס. אָ, דעם זונס חטאָים אויף (צוס) טאַטן. אָ, די עבֿירות פֿון די עלטערן אויף די קינדער. אָ, אויף די שווערע באַדינגונגען די פֿאַרברעכנס פֿון אומפּריווילעגירטע. “מיר קענין זולכיש נירגינץ אנדרשט אַן הענגין אַל□שׂ אַן אונזיר ע□ירות“, גה, 329. “[דער קיסר] האָט ניט מצליח געווען האָט ער דאָס אָנגעהאָנגען אין

אַ יעדניראַל [= גענעראַל]“, נחבֿ, 'מעשׂה מבֿער
גיר והעני'. ,,מע קאָן אויך אָ, אַז די גרעסטע
טייל קינדערשע קראַנקייטן קומען [פֿון
וויקלען]“, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער,
ווילנע 1836. ,,היט דיך צו זיצן מיט אַזאַ
מענטש וואָס לערנסט פֿון אים קיין גוטס, דען
אַלע מעשׂים רעים וואָס ער ועט טון וועט מען
אָן דיר אָ“', ספֿר חסידים, תק“ז?
6. בייזוויליק אָנקלעפּן, צוטשעפּען אויף
(צו) עמעצן עפּעס אַזוינס וואָס דיסקרעדיטירט.
אָ, אויפֿן חבֿר דעם אייגענעם מום. אָ, דעם
שכן אַ נאָמען פֿון אַ שיכּור. אָ, דעם קרעמער
אַ שם אַז ער דערגיט ניט אויף דער וואָג. אָ,
אַ מיאוסן צונאָמען. אָ אַ ספּראַווע, אַ דיעלע
,
מע זאָל האָבן צו זינגען און צו זאָגן. ,,קאנשׂט
אַך דעם זעלביגן קיין שאַנד פֿלעקין אַן
הענגין“, אליהו בר, ליזר קוטנים [איבֿז], תּלמיד
צחקן מוטרי, אַמשט 1692. ,,דר זיך עהרט מ□ט
זײַן חבֿרשׂ שנד, ער הענגט יענם איין קלעק
אַן“, לט1, ד/א. ,,ווי עשׂ מיט מרים איז גנגין,
ווײַל זיא האָט דער פֿרומי צפּורה, דאז ווײַב
פֿון משה, איין צו נאַמען אַן גיהנגין,,, אַריה

ליבּ בּר, יהודה זעליגמן, תּקוני המו וויס,
 יורדא 1729. אָ אַ לונג־און־לעבּער אונטער
,
(אויף, בּײַ) דער נאָז :: א) מיט פֿאַלשקייט
 אײַנרעדן עמעצן עפּעס ניט־געשטויגן, ניט־
געפֿלויגן; בּ) מאַכן עמעצן אויסזען ווי חוזק;
ג) אויסטראַכטן אויף עמעצן אַ בּלבּול. *אָ, אַ
ייִדישע לונג־און־לעבּער אויף דער נאָז =
אײַנרעדן זיך צו דעקלאַרירן ווי אַ ייִד. אָ, אַ קינד
אין בּויך = מאַכן שוואַנגער (אָן אַ הרי־אַתּ).
"האָט ער מיר יעצט נאָך אָנגעהאַנגען מחילה
אַ ק.... אין בּויך... בּין איך יעצט שוין
אינעם 7עטן חודש", מ. דלוגאטש, וועלט
מטורה, וואַרשע 1881.
7. אויפֿצווינגען, אַרויפֿצווינגען. אָנוואַרפֿן
עמעצן עפּעס. אָ, אַ ניט־געבּעטענעם
בּאַגלייטער. אָ, אַ שכן, אַ ווײַטן קרובֿ צו וואוינען
צוזאַמען. "האַלטן קרעטשמעס, שענקען און
נאָך אַזוינע פּרנסות האָט מען מיט געוואַלד
אָנגעהאַנגען ייִדן", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.
,,איך וויל אַזעלכן וואָס זאָל מיך קענען פֿירן
וואוהין ער וויל. נאַ, האָט מען מיך אָנגעהאַנגען
אַ שלימזל,,, אבּג, דעקטוד, וואַרשע 1876. ,,אַ

רוח אין... שדכנס טאַטנס טאַטן אַרײַן! דאַס
האָט ער מר די מציאה אָנגעהאַנגען“, פּרץ,
'עלנט'. “ון איר חתן טראַכט איצט בּוזי...
וואָס טאַטע־מאַמע האָבּן איר אַוודאי
אַנגעהאַנגען קעגן איר ווילן?“, שע, 'פֿון פּסח בּיז פּסח'.
אָ אַ גט — דזוו אונטערוואַרפֿן אַ גט, ..
און ,
טערוואַרן, בּ, 724. „דער ר טוט אַ קוק און
זאָגט: ס'איז פֿאַרפֿאַלן, אַ גט קאָן מען אָ, אָדער
אונטערוואַרפֿן“, בּאַש, גימפּל תּם.
8. אַרויפֿלייגן, אַרויפֿוואַרפֿן אויף עמעצן
(אַ התחייבֿות, אַן עול). אָ, אַ משׂא. אָ, דעם
עלטסטן קינד דעם עול פֿון פּרנסה פֿאַר דער
גאַנצער משפּחה. אָ, דעם סעקרעטאַר אַלע
אַרבּעטן.
אָנהענגען זיך — ← דפֿוו. זיו אָ, אויף
(אָן) עמעצן. זיך אָ, אויף אַ בּחור אוז אים

אָנהענגערשאַפֿט

ניט אָפּלאָזן. „אַ קליינער הענגט זיך אָן אויף
אַ גרויסן און דער גרויסער אויף אַ פּסוק,,,

שוו [וועגן אויטאָריטעטן]. „ער האָט זיך
אָנגעהאַנגען אַ מעשן קנע□ל און קאָמאַנדעוועט!„,
שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. „הענגען זיך אָן
און זיצן על־פּי נס אויף די זײַטן פֿון זײַן
וואָגן„, משה טײַטש איבֿז, בּיאַליק, אַריה
בּעלגוף. „אַ נשמה שוועבֿט אַרום זיך אויף דער
וועלט, הענגט זיך אָנעט אויף אַ בּלעטל, אָט —
אַ שמעטערלינג אין פֿעלד“, סעג, קאַפּריזן.
“וואָרעם דאָס זענען רייד פֿון ליגן. דער וואָס
הענגט זיך דרינען אָן ווערט פֿאַראירט“, חה,
ז, 201. „צען יאָר האָבֿ איך... מיט שט□קער
בּלוט געשפּיגן און אָנגעהאַנגען זיך אָן לעבֿן
ווי מיט צוואַנגען“, חג, דער מענטש פֿון פֿײַער,
ז, 126. אָ, זיך נאָך אַ וואָגן = צושטיין צו אַ

□

בּאַוועגונג ווען עס לוינט זיך.

־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.

אָנהענגער — דער, ־ס (אויך מצ ווי אצ). וונ
־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס גייט נאָך, האַלט
ז□יער שטאַרק פֿון פֿאַרערט פֿאָלגט אויס אַן

’ ’

אויטאָריטעט (אַ רבּין, אַ פּירער, אַ גרויסן
געלערנטן, אַ דענקער אע). אָ, פֿון פּרעזידענט.

יעדערער זוכט וואָס מער אָ'ס. „זײַנע אָ'[ס]
וועלן אײַך דורס זײַן“, פּמ. „דער גאָונישער
בעל־שם האָט... [עס] אָפּגעפּרישט און
פּאַרשפּרייט צווישן זײַנע אָ'“, יק. „אַ רעפּאָרמאַטאָר
קלייַבט אַרום זיך אָ, פּראָסטאַקעס און מאַכט
פֿון אונדזער הייליקן גלויבן אַ כאָלעווע...
הפֿקר אַ וועלט! און יוצא“, מגן דוד, אַ בליק
צו־ריק, אַדעס 1902. “אין קאַהיראָ האָט שבתי
געהאַט אַן אָ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע
השפּעה“, ימ איבז, שד II .
2. ווער עס שטייט צו צו אַ געוויסער אידיי,
טעאָריע, רעליגיע, ריכטונג. אָ, פֿון דער
נאַציאָנאַלער ריכטונג. אָ, פֿון רעכטן פֿליגל פֿון
דער פּאַרטיי. אָ, פֿון אַ שיטה. אָ, פֿון אַ נײַעם
איזם. אָ, פֿון אַ מעסיקער פּאָליטיק. “קיין
אמונה דאַרף זיך ניט רעכענען פֿאַר אַ הערשנדע
און געכן פּריווילעגיעס אירע אָ',„ בּ. בּ־קי,
אונזערע אָדערונגען, זשענעוו 1905.
3. ווער עס איז אַרײַנגעטאָן, איז פּאַרקאָכט
אין עפּעס. ענטוז אַסט. אָ, פֿון בייזבאָל
פּוטי
,
באָל. אָ, פֿון אָפּעו־ע, פֿון באַלעט. 4.
ליבהאָבער. געשוואָרענער פּאַטריאָט. אַן אָ, פֿון אַ
באַרימטן חזן ־עריי.

— .

אָנהענגעריש — אדי. וואָס איז
כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אָנהענגער. אָ'ע התפּעלות.
די גרייטע אָ'ע צושטימונג. ־קייט.
אָנהענגערשאַפֿט — די, ־ן. 1. גרופּע
אָנהענגערס. "ווי וויַט דער איַינפֿלוס פֿון
אחדהעם איז אויף די מענטשן פֿון זײַן צייַט, קען
מען זען פֿון דעם, ווי אַזוי די אָ אָדער די

,

קעגנערשאַפֿט דריקט זיך אויס", שלמה שילער,
יודישער פֿאָלקסקאַלענדאַר, לעמבערג 1901.
2. אייגנשאַ ט פֿון זײַן אָנהענגעריש.
איבערגעגעבענע, באַשטענדיקע אָ'. זיך פֿאַרבינדן מיט
אַ גדול דורך אָ'.

אָן הענט און (אָן) פֿיס
אָן הענט און (אָן) פֿיס פֿראַזע. פּפֿ: אָן

אַ האַנט און אָן אַ פֿוס. שלעכט, פּאַר
טאַטשנע, אַזו אַז עס טויג ניט. מאַכן עפּעס
י
אַן ה, א אָן פֿ..
,

אָנהענטיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
הענט. אַ שווער פֿאַרוואונדעטער, אַן אָ'ער. „זיי
ווייסן ניט אין וואָס בּאַשטייט די שיינקייט פֿון
דער אָ'ער וועניגער", ש. בּרעגמאַן, שלוימקע
גוטערמאַנ, מאָסקווע 1939.
אָנהעפּען זיך — דזוו אָנהאָפּקען זיך ←. "די
מחותּנים זײַנען זיך שוין לאַנג צונויפֿגעקומען
עולם האָט זיך שוין אַפֿילו גענוג אָנגעהעפּעט„,
י. שרײַבּמאַן, ,צוויי חתונות„ סאָוו, היימלאַ[ד,
.No ,19 7 9

-
אָנהעסטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אָנהעפֿטן (זיך). אַ פֿעסטע אָ'.
,,די מאָלעקולאַרע צוציאונג פֿון צוויי
באַזונדערע קערפּערס... הייסט אָ',,, מ.
זאַבּלודאָווסקי פֿיזיקע, ביאַליסטאָק 1929, ז, 26.

,

--

אָנהעסטן — טרוו. העפֿט אָן, □י.,געהעפֿט
(~געהאָפֿטן). 1. העפֿטן, אויסהעפֿטן
(מער), אַ סך (בּ2 □ 291) אויסנייען, 225□ .□)
וויפֿל מע דאַרף. אָ, טישטעכלעך. אָ, מגן־
דודלעך אויף תּפֿילין־זעקלעך. 2. אָנייען,
צונייען. צופֿעסטיקן דורך נייען. "זוא האבּן זיא
גמיינט זיא דאַרפֿן דיא קריעה דיא זיא אום
אים גריסן האבּן ניט ווידר אַן העפֿטן. זוא
שפּראַך (רבֿ יצחק) מיר האבּן גילערנט: ווען
מן אום איין (חכם קריעה) רײַסט, זוא בלד אַלשׂ
מן פֿון זײַן מטה אַוועק גיט, מעג מן דיא קריעה
אַן העפֿטן", מהמ, אַמשט 1722. "און איך וויל
פֿון אײַך אַ מלאך, ער זאָל גרייט זײַן טאָג און
נאַכט, אים די פֿליגל אָנצוהעפֿטן, ווען זײַן

הייליק ליד ערוואַכט“, מר I.
3. אַרכ. אָנפּעסטיקן, צופּעסטיקן (דורך
אָנקלאַפּן, אָנבינדן אע). „דרײַא אדלר טעט ער
אַן העפּטן אין אונזרי גאַסן אַן דרײַא טאָרן„,
ווינץ. „זאָל דיזר פּסק... אויף איין קופּער בלעך
איז גיגראבן ווארין אונ, אהן העפּטין אַן איין
שטיינין זײַל פּון גיהויאן שטיין„, „כּ“י וועגן
מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. „איין
אײַזרנר שליסל... דר דראָן גימאַכט ווער אַן זײַנם
גירטל אונ ווער וואול דראָן קלייני נעגל אַן
גיהעפּט...„, לט1, סו/ב. “דער מאַגנעטשטיין
דיא דשׂ אײַזן טוהט אַן העפּטן, וואַל זא
מעכטיג“, מאַרשן, לשון זה□, אַמשט תצ“ד.
4. אַרכ. צושטיין. אָנקלעפּן זיך. צוקלעפּן זיך.
אורח 15 פּאַרטײַטשט 'תדבקני, (בראשית, יט,
19): “זי ווירד מיך אָ',,.
מיט ז י ך — “די סקעלעטישע אויגן־לעכער
האָבן זיך אָנגעהאָפּטן אָן זײַן בליק, גלײַך זיי
וואָלטן אים עפּעס דערציילט„, ב. טייטלבויס,
אוי□ן שועל, וואַרשע 8 1933, No. □עניש.
אָנהעצן — טרוו. העץ אָן, ~געהעצט.
אָנרייצן, אויפֿהעצן, אָנבורען. מיט אינטריגעס,
פּראָוואָקאַציעס, אָ, איין צד קעגן צווייטן. אָ,

און דערפֿירן צו בייז בלוט, צו קריגערײַ, מחלוקתן. אָ, אַ בייז לעבן צווישן מאַן און

15()7

ווייַב. אָ, דעם מאַן אויף זײַן ווייַב. אָ, די אַרבעטער קעגן די בעלי־בתּים. אָ, די הינט אויף די אָרעמעלײַט. „ווערין אַן אים [דעם רשע] און, זײַני קינדר אַן גיהעצט דיא מלאכי חבלה דיא אים פֿר דערבין„, בע, לח/ב. „זיי האָבן געדונגען... שפּיאָנען און מערדער וואָס פֿלעגן אַרומגיין איבערן לאַנד און אומעטום אָ, די אײַנוואוינער קעגן די רעגירונג„, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.

־ער — „זיא גזאגט האבן ער זײַא איין אַן העצר און, איין פֿאַר שטוסר גוועזן„, התורני ר, אליקים חזן מק"ק קאמרנא איבז, שי, אַמשט 1700.

אָנהעצען — דזוו אָנהעצן ←. אָ, די

פּויערים צו אַ פּאָגראָם. „ער, ניט קיי אַנדערער, האָט דאָס אויף מיר אָנגעהעצעט", א. י. סאַפֿיר אויס מינסק, חטאת הקהל.. I, ווילנע 1881,

.32 ,

אָנהעצקען — טרוו ־קע אָן, ~געהעצקעט.

1. אָנוויגן, אָנטרייסלען. אָ, די קינדער אויף די הוידלקעס. 2. דזוו אָנהעצן, אָנהעצען.

אָנהעצקען זיך — אוטוו. ← דפּוו. 1. אַ לענגערע צײַט אָנטרייסלען זיך; אָנשאָקלען זיך; אָנהוידען זיך. אָ, זיך אין בּויד. אָ, זיך ריַי טנדיק אויפֿן קעמל. „איך האָבּ מיך נאָך ווייניק אָנגעהעצקעט, גיי קריך אים נאָך אַראָפּ“, אבּג, דעקטוך, וואַרשע 1876. „מיר האַבּן זיך גוט אָנגעהעצקעט, גענוג אויסגעריסן געוואָרן אָבּער מיר זענען געקומען“, שע, מאָטל... I. 2. אַ סך, אַ לענגערע צײַט אָנטאַנצן זיך, אָנשפּרינגען זיך, אָנהאָפּקען זיך. אָ, זיך אויף דער טאָכטערס חתונה. ־עניש. ־ערײַ.

אָנהעקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געהעקלט.

1. אַ סך העקלען; אָנשטריקן מיט אַ העקלנאָדל. אָ, די אונטערשטע זוימען פֿון בּלוזקעס. 2. צוהעקלען. אָנשפּיליען דורך פֿאַרהעקלען. אָ, בּיידע אַרבּל פֿון סוועדער. אָ, דעם פֿוטערנעם קאָלנערל. 3. אָננייען אַ סך העקלעך. אָ, אויף די בּלוזעס די מאַנעלעך און די

ווייַבעלעך. מיט ז י ך — "די מאַמע האָט אַלץ
אַרויסגעשטאַרט פֿון בעט מיט אירע
אומבאַוועגלעכע אויגן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהעקלט
אין דעם אומהיימלעכן בילד וואָס זי זעט
איצט", אַש, תּהילים־ייִד. "גלויבן... איז אַ מין
אָ, זיך אין אַ קאָלעקטיוו,,, אַברהם שולמאַן,
צוק, דעצ, 19□1□
אָנהעקלען — טרוו. ← דפֿוו. אָנהאַקן,
צעהאַקן עפּעס מיט אַ קליין העקל, העקלע. אָ,
קליינע לײַסטלעך. אָ, קינעלעך. אָ, טרוקענע
שטשעפּקעס אונטערצוהייצן די הרובע.
אָנהערן — טרוו. הער אָן, ~געהערט. 1. אַ
סך, נאָכאַנאַנד, אָפּט הערן, אויפֿנעמען. אָ, אַ
צאָל מעשׂיות. אָ, רכילות. אָ, רעדעס עס זאָל
קריכן פֿון האַלדז. אָ אַ סך ליגנס, שלעכטע
,
נײַס. "דוא זאָלשׂט אַן הערין פֿון זייא איר
שענדין אונ, לעשׂטרין", יוסיפֿון, אַמשט 1743.
"מײַן קינד אַז דו וועסט מײַנע רייד אָננעמען...

אָנהערן זיך

דײַנע אויערן פֿיל חכמה אָ'", מס, משלי תּקע"ד,
ב, 2. *געבן אָנצוהערן = מרמז זײַן, אָנדײַטן,

אָנווינקען. ג, אָ, אַז מע וועט (ניט) מסכּים זײַן.
ג, אָ, אַז מען איז פֿאַרליבּט. אויך: געבּן אַ
פּסק.
2. אונטערהערן. בּשתּיקה (מיט כּוונה)
צונייגן דעם אויער און הערן. אָ, בּײַם שכן איבּער
דער וואַנט. אָ אַ פֿאַרטרוילעכן שמועס. אָ,
,
עמעצנס אַ סוד. 3. פּטמ. עקזאַמענירן.
אויסהאָרכן. אָנהאָרכן. אָ, אַלע קראַנקע אין שפּיטאָל.
אָ, די תּלמידים אין דער כּיתּה. 4. אַרכ.
אויסהערן (אויף אַן אָפֿיציעלן אופֿן). „אַלי
זכן זײַן וואַרדן אַן גיהורט [= אָנגעהערט] לפֿני
הקיסר יר״ה“, ווינץ. „מײַן גיטרײַאר פּיקל
הערינג, הער מיך אַן אונ, גיבּ איין ראהט
וויא איכשׂ פֿול פֿירן קאַן“, 'מכירת יוסף',
פֿפֿדמ 1713 [אווע III]. „מיר וועלן ערשט
נאָכאַמאָל זײַנע טענות אָ'“, מע◌ה של ירושלמי,
אָרט? יאָר?
5. אַרכ. זיך צוהערן. אײַנהערן זיך. „דיא
ווײַבּר שפּילן אויך קויף לאַוויטן גאַר גערין,
דאַרום זאָלין זיא אויך דיא וואָרט אַן הערין,„,
'איין שין נײַא קוריעס שפּיל ליד, [ריב'..
אַזאַרטשפּילן..]. „איינשׂ, דז זיא ניט דיא
אַלטי אַן הערין פֿון זיא צו לערנין“, ספֿר מבחר

הפּיניס, הומבּורג תּצ,,ט. 6. (סעמאַנטיש מיט
אַ פֿאַרניינונג) פֿאָלגן, געהאָרכן. אָ, ווי דעם
פֿאַראַיאָריקן שניי. ,,אַוודאי, אַ סך וועט ער זיי
אָ',,. 7. אַ לענגערע צײַט דערשפּירן,
דערפֿילן. אָ אַ שלעכטן ריח. 8. אָנסטראָיען.
,
אויסרעגולירן מוזיקאַלישן אינסטרומענט. אָ,
די פּ אַנאָ.
'
אָנהערן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. דזוו
אָנהערן, בּ1. זיך אָנזען און זיך אָ, אַ סך זאַכן.
וויפֿל איר זאָלט זיך ניט האָבּן אָנגעהערט,
ווייסט איר נאָך אַלץ ניט. ,,קיין אויג קען זיך
דראָן נישט אָנקוקן און קיין אויער קען זיך
נישט גענוג ▯יל אָ',,, מס, קהלת תּקע,,ט, א, 8.
"הערשעלע האָט זיך אָנגעהערט בּײַ זיי
מופֿתים און וואונדער גאָר אָן אַ צאָל,,, ממוס,
ווינטשפֿ. ,,עס זײַנען דאָ מענטשן, וואָס האָבּן
זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אָן אַ שיעור זאַכן",
שנ, קריטיק און קריטיקער. ,,שלמה האָט זיך
אָנגעהערט הונדערטער מעשׂות", סמבּ פֿפֿ: אָ,
זיך ווי אַ פּויק.
2. דזוו אָנהערן, בּ2. "דעמאָלט פֿלעגט
משהמענדל בּלײַבּן שטיין, זיך גוט אָ, און נאָכדעם

געבן אַ הוסט״, שע, אידישע ראָמאַנען.
3. זיך לאָזן אַרויסדרינגען. ״פֿון דעם אַלץ הערט זיך אָן בּרוך־השם דער אַהבֿת־התּורה וואָס אין ליטע״, לדבֿ, נ״י 1957.
4. קוים זיך אַרויסהערן. ״נאָר איין ר, זעלמעלע שוחט גיט זיך אַלע ווײַלע אַ קריי: 'לעבּעדיקער, ייִדן'... הערט זיך דאָס אויך אָן ווי 'שמע ישׂראל, פֿון אַ פֿאַרשפּעטיקטן מעריבֿ״, זש, שקלאָווער קינדער.
־ונג — „דיא לײַט גלויבּן ניט אַן דיא אַן הערונג פֿון דיא צײַט. זיא לוגין דאָך אַלי צײַט נאָך טאַנצין״, בּע, יד/ב.

אָנהערנערדיק

אָנהערנערדיק — אַדי. וואָס איז אָן הערנער; וואָס האָט ניט קיין הערנער. אָ'ע שטובּחיות. אָ'ע ציג.

אָנהססקהדיק — [... האַפּסאָקע...] אַדי וואָס איז אָן אַ הפּסקה, אָן אַן איבּעררײַס. אָ, לערנען. אָ, רעדן.

אָנהקדשן — [... העקדעשן] טרוו & אוטוו
הקדש אָן, ~געהקדשט. אָנמאַכן אַ הקדש.
אָנשמוצן. אָנמוֹשבָן. מאַכן אומאָרדענונג. אָ, די
דירה. אָ, אין דער גאַנצער דירה. אָ, איבּערן הויף.
אָנהרגע נען — [... האַרגענען] טרוו ־גע אָן,
.
~געהרגעט. פּפּ: ~הרגען. גוט אָנשלאָגן,
אָנממיתן עמעצן. אָנבּרעכן די בּיינער.
דערלאַנגען גוטע קלעפּ. אָ, און מאַכן פּאַר אַ
קאַליקע. אָ, דעם פּאָגראָמשטשיק. "האָט זי אים
גוט אָנגעהרגעט און האָט געזאָגט: גיי אין די
אַטקע", י. מאָרגענשטערן, מע▯ה משני
קצי
בים..., ווילנע תּרנ"ח. "אויסזוכן דעס
שמוגלער... גוט אָ, און איינזעצן", א בּערגמאַן,
דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926. ־ניש.
אָנהרוזען — דזוו אָנגרוזען ←.
אָנהרוזשד(י)ען — טרוו ־ד(י)ע אָן, ▯י.,
גע.
הרוזשד(י)עט. לאָקל (מאָהילעווער גובּ').
אָנוואַר▯ן, אָנשיטן, אָנוואַליען אין אַ קופּע, בּערגל.
א, שטיינער. אָ, קאַרטאָפּל. אָ אַ בּאַרג
שמאַ,

טעס.

אָנהרייען — אוטוו & טרוו ־ײַע אָן, ~

גע—

הרײַעט. אוקר. [ו a 1]: <. אָנשפּילן. אָפּטאָן אַ שפּיצל. „געפּרעגט בײַ בּיידע ייִנגלעך: עפּעס שוין אָנגעהרײַעט? — וואָס איז געשען? איך האָב דאָרטן איינעם אָנגעלייגט אין די זײַטן“, ש. בּרעגמאַן, ניאָמקע שוואַרץ, קיִעוו 1935.

אָנהשפּעהדיק — [... האַשפּאָע...] אַדי וואָס איז אָן (לאָזט ניט איבער קיין) השפּעה, איינפלוס, ווירקונג. אָ'ע פּראָפּאַגאַנדע. אָ'ער שתּדלן. ־יקייט.

אָנהתהייבותדיק — [... היסכײַוועס...]

-

אַדי. וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) התחיַבֿות,
פֿאַרפֿליכטונג, ניט געבונדן, ניט־אָבליגאַטאָריש.
"אָ'ע אָנגעהעריקייט צו אַ סינאַגאָגע", אויפֿן
שוועל, נ"י, No 144. ־יקייט — „עס רעגט
מיך אויף זייער אָ'".

אַנו, — אינטעריעקציע זוו. < נו ־־ פֿאַרטיקל
אַ. דזוו נו, נאָר עמפֿאַטישער. באַווירקט אויך פֿון
1] . , :a. געניצט בײַם אויפֿפֿאָדערן,
אויפֿמונטערן, צוגעבן חשק, מע זאָל עפּעס
טאָן. אַ, חבֿרה! זיך גענומען צו דער אַרבעט!
אַ,, געגאַנגען! "שלאָגט ניט איבער (די רעד),
ר, יוסיל — מאַכט דער עולם — שא!... אַ',
ר, בער...", ממוס, שלמה. „אַ', משומד, לייג
דיך נאָר אַוועקעט אויפֿן בענקעלע אָט אַזוי...",
שע פֿונעס יאַריד 2 .I. ספּעצ. בײַם
אַרויס,
פֿאָדערן צו עפּעס אַ פֿאַרמעסט. אַ, נאָר (לאָמיר
זען). אַ', לאָמיך הערן, זאָג! „אַ, לאָמיר טאַקע
זען ווער עס קען גיכער לויפֿן". "אַ', אָט
נעמט נאָר, רעכנט אויס!" פֿרוג II.

,

3. ב אַ השערה; בײַם האָבן אַ

הדעת (מיט זיך אַליין); בײַם פֿרעגן זיך עפּעס.
אַ,, ווי מיינט איר, ס'וועט מאָרגן רעגענען
אָדער ניט? אַ', ווי מיינסטו, זאָל איך עס טאָן
צי ניט? א, פֿרעגט זיי למשל.... ,,אַ', —
-
,
האָט זיך ישׂראליקל אַ טראַכט געגעבן. — אַ,
לאָמיך אויך פּרוּוון קריכן אויף דיזעם באַרג",
ט. קאמינטקד, א בּיִאָגראפֿיע פֿון א ישׂראל—
קלען, קיִעוו 1913. ,,אַ, פֿרפּוו און וויל דיך מיט
אַזאַ ייִד משדך זײַן", ז. מוירער, זײַ נישט קיין
וואוילער יונג II, טאַרנאָוו 1925. 4. בײַם
ווענדן דעם אויפֿמערק, בײַם אַרויסהייבן אַז עס
איז געשען גיך, אומגעריכט. אַ, זעט נאָר, זעט.
,,כ'דריי זיך נאָר אַוועק — אַ', די זענען שוין
אויך ניטאָ", אבֿג, 'דער יוד אין קיִעבֿ [הש I].
5. בײַם פֿרעגן. אַ, וואָס האָסטו אויפֿגעטאָן?
א, ווער איז געווען גערעכט?
6. אַדרבּא. לאָמיך טאַקע זען וואָס עס וועט
אַרויסקומען. ,,אַ, פֿרעגט אין שטעטל אויף
—
,

דעם חזן, וועט איר הערן“, אַלטער פֿישזאָהן,
דער נײַער בּערימטער זרנגער, וואַרשע 1882.
„אַ', הייסט מײַן מאַן זיך אײַנשנײַדן אַ
פֿינגער, ווײַל זײַן בּלוט וועט מיך ראַטעווען —
וועט ער עס טאָן?“, ג. ח. לעוונער, דיא
פֿערמאסקירטע כלה, ווילנע 1896. „אַ', פּראָבּיר
אים טאָן אַ קיצל“, י. מאַניק, אין מ□.ן
גלע□ערנעם טורעס.

אַנו'איטי — די, ־ס. אמ. an: □ □.. אויך:
אַנואיטע'ט. < איי < ל. 'יערלעכע
אויסצאָלונג'. 1. דאָס דעקן אַ חובֿ אין יערלעכע
ראַטעס. 2. יערלעכע הכנסה. פּענסיע.
פֿענסיאָנירן דעם לאַנגיאָריקן סעקרעטאַר מיט אַן אַ'.
אָנוואַגאָנירן — טרוו ־ניר אָן, ~(גע)
וואַגאָ□
נירט. (סוחריש) אָנלאָדן (פֿראַכט) אין
וואַגאָנען. אָ, די בּהמות. אָ, די סחורה. ־ונג.
אָנוואָגיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן וואָג;
וואָס וועגט כּמעט גאָרנישט; וואָס איז זייער
לײַכט אויפֿן וואָג. גאַז איז אָ'. אָ'ע פּוך־
פּערענע. 2. וואָס איז ניט וואָגיק. ווירקט ניט.
אומבּאַדײַטנדיק. אָ'ע רייד. אָ'ע אַרגומענטן.
־יקייט.

אָנוואָגלען זיך — אוטוו ־גל זיך אָן, זיך
~געוואָגלט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
וואָגלען, וואַנדערן פֿון אָרט צו אָרט.
אויסוואַלגערן זיך איבער פֿאַרשיידענע ערטער; ניט
האָבן קיין שטענדיק וואוינאָרט. אַ לעבן־לאַנג
זיך אַ, און ניט האָבן קיין מקום־מנוחה. "וואָס,
מײַן ליבע, וואָס, מײַן זויבערע, האָסט זיך
אָנגעליטן, זיך אָנגעוואָגלט?", נ. לוריע איבז, מ.
גאָרקי, אַ מענטש באַ ל􏰀טנ, קיִעוו 1935 ־ונג.

.

־עניש. ־ער — "געקומען אַן אָ'".
אָנוואַדזגען — טרוו. ־גע אָן, ~געוואַדזגעט.
אוקר אָנשמירן מיט ברוד, בלאָטע.
אַרײַנקומען מיט שטיוואַלעס און אָ, דעם פּאָמיסט
[= די פּאָדלאָגע]. אָ, אַ ריינעם האַנטעך. פֿיג.
„יענע וואָך האָט ער אָנגעוואַדזגעט אין אַ
פֿוילישן גאַזעט עפּעס אַ פּאָמעניצע אויף דרײַ
ייִדן און ווי זײַן שטייגער איז מיט אַ מסירה",
אליהו בראָנבערג, אָצעקלאָצער בריוועלאַך, לוצק
1927. ־עניש.

אָנוואוקס

אָנוואודיען — טרוו. ־דיע אָן, 􏰀געוואודיעט.

אוקר. אָנשלעפּן. ← אויסוואודיען, 226.
אָנוואוינען זיך — אוטוו. וואוין זיך אָן, זיך
י.,געוואוינט. אַ לענגערע צײַט וואוינען אויף איין
און (אין) דער זעלבער דירה, שטאָט, גאַס אע
אָ, זיך אין איין שטאָט דאָס גאַנצע לעבן. אויך
אַקוזוו מיטן אָנווײַז אויפֿן רעזולטאַט. אָ, זיך
אין דעם נאַסן קעלער אַ טשאַכאָטקע.
אָנוואונד(יק)ן — טרוו. וואונד(יק) אָן, ~
געוואונד(יק)ט. (אָנ)מאַכן (קליינע) וואונדן. אָ,
די אָרעמס און דאָס פּנים בײַם פֿעכטן זיך.
מיט ז י ך — זיך אַליין פֿאַרוואונדן. אָ, זיך
די פֿיס פֿון די ענגע שטיוול. אָ, זיך די הענט
בײַם סאָרטירן שטיקער אײַזן.
אָנוואונדער — דער, ־ס. נעאָל. ,,זיך
אָנשמייכלען מיט איראָנישן אָ'', י)ראָל קאַפּלאַן,
שליאַך און אומוועג, ת''אָ, ז, 100.
אָנוואונדערן זיך — אוטוו ־ער זיך אָן, זיך
.
,געוואונדערט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט זיך
וואונדערן; זיך אָנחידושן. אָ, זיך פֿון גאָטס
וואונדער אָ, זיך פֿון די אומגלייבלעכע
געשעענישן. ־ונג. ־ניש.
אָנוואונק — דער, ־ען. (אָנ)ווינק. רמז.

אָנדײַט. אָנצוהערעניש. אָנווײַז. גענוג נאָר צו
גענבן אַן אָ'. אַן אָ, אויף אַ סוד. אַן אָ, אויף
דעם וואָס וועט געשען שפּעטער. אַ
היסטאָרישער אָ'. סודותדיקער אָ'. „אַן אָ, אַז מײַן לעבן
עקט זיך...„, הל, 'די שעה פֿון גענאָד'. „מיר
האָבן אַפֿילו אין שיר־השירים אַ ווײַטן אָ, אויפֿן
מדבּרדיקן יחוס פֿונעם ייִדישן פֿאָלק“, אפֿא,
געטראַכט מיט עבֿרי־טײַטש. „... זייער וויצלען
זיך, וואָס האָט געהאַט אַ דינעם, אָבער זייער
גראָבן, צינישן אָ'„, מ. אהל, איק, ר„ה תשכ“א.
אָנוואונקעריש — אַדי. נעאָל. וואָס האָט
אין זיך אַן אָנוואונק. „קלינגט אָ, אַז די מאָס
רייד איז שוין דאָ איבער און איבער“, י▯ראל
קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג, ז, 299.
אָנוואוקס — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
פּראָצעס פֿון אָנוואַקסן ▯.. אײַליקער (פֿאַמעלעכער)
אָ'. 2. דאָס וואָס וואַקסט אָן. אויסשפּראָץ,
אַרויסשפּראָץ. אָ, פֿון גראָז. אָ, פֿון האָר אויפֿן
קאָפּ. אָ, פֿון באָרד. באָרד אָ, פֿון עטלעכע טעג
-
נישט גאָלן זיך ▯יג. אָ, אין דער טעכניק, אין
.
דעם וויסן. „פּרץ מוז געפֿײַערט ווערן, בלויז

אין דעם לעבֿעדיקן אָפּשפּיגל פֿון דעם אָ, וואָס
פֿרץ האָט פֿאַרויסגעזען“, יג, תּוך I.
3. דאָס וואָס וואַקסט אָן און איז איבֿעריק,
ניט־נייטיק. פּאַראַזיטישער אָ'. ווילדער אָ, אויפֿן
דאַך, אויף דער וואַנט. מאָכיקער אָ, אין נאַסן
קעלער. אָ, פֿון ווילדע שוואָמען. „,... פֿון אָ'ן
מיט וועלכע עס זײַנען זייער רײַך די דאָזיקע
סאָרטן האָלץ“, בער. ▯יג „דער איינציקער
וועג אונדזערער דאַרף זײַן: באַפֿרײַען זיך פֿון
די סאָפּיסטישע, דיאַלעקטישע אָ'ן“, שנ, קריטיק
און קריטיקער.
4. אויסוואוקס. געשווילעכץ. גוליע.
אַבנאָרמאַלער אַרויסוואוקס. פֿרעמדקערפּער. אַן אָ.

אָנוואור▯

אויפֿן קאָפּ. אַן אָ, די גרייס ווי אַ בראָדעווקע.
„מיר זעען אָפֿט קינדער מיט גרויסע אָ'ן אין
דער נאָז־האַלדזיקער הייל“, 'טאָז, שריפֿטן,
וואַרשע 1929.
5. (מאַט) אַקט פֿון גרעסער, מערער ווערן.
צופֿוואוקס. דער אָ, אין אַ געאָמעטרישער
פּראָגרעסיע.
6. (מוזט) דאָס אָנוואַקסן, דאָס שטײַגן, דאָס

ווערן שטאַרקער, העכער בעתן שפּילן. אָ, פֿון דער אוּווערטורע. „בײַנאַנד מיט דער דאָזיקער אָנהויפֿונג... גייט אויך דער אָ, פֿון מירלס דראַמאַטיק,„, י. דאָבּרושי□, דוד בּערגעלסאָן

אָנוואורף — דער, ־ן. דזוו אָנוואָרף. 1. ניטדעטאַליזירטער, אַנערכדיקער פּלאַן, פּראָיעקט פֿאַר אַ קאָמפּליצירטער טואונג אָדער אונטערנעמונג. אַן אָ, פֿאַר דעם סטראַטעגישן פּלאַן. א, פֿאַר א נײַער מאַשין. אָ □אַר אַ רעדע.

,

□ □ □

”מרצעס ווערק, אויבֿ זיי געבֿן ניט דעם גאַנצן ענטפֿער, צייכענען אָבֿער גאַנץ דײַטלעך דעם אָ, פֿון אַן ענטפֿער“, בֿ ריווקין אונדזערע פּראָזאאיקער. 2. (מאָלערײַ) פּראָוויזאָרישע צייכענונג. סקיצע. עסקיז. אָ, פֿאַר די דעקאָראַציעס צו דער נײַער אויפֿפֿירונג. אָ, פֿאַר דער וואַנטמאָלערײַ אין נײַעם טעאַטער־בּנין.

3. ניט־פֿאַרענדיקטע, ניט־בּאארבּעטע קאָמפּאָזיציע. סכעמע. עטיוד. אַן אָ, פֿאַר אַ נײַעם ראָמאַן. ”אַן אָ, פֿון אַ ליד ליגט שוין אונטער

מײַן מאַטראַץ,,, הל 4. דזוו אָנוואַרף, אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון אָנוואַרפֿן. נר. ,,
אַרײַנצוטראָגן אַ געוויסן... סדר אין דער אויפֿפֿירונג
וואָס איז... אַן אָ, פֿון עפּיזאָדן“, נ
סווערדלין, טמז, 13 4 19 III.

אָנוואָזנ(י)ען זיך — דזוו אויסוואָזנ(י)ען זיך
.22 ,.

אָנוואַזעלינירן — טרוו ־ניר אָן, ~
וואַזעלינירט. פּפֿ. ~וואַזעלינעווען. אָנשמירן
מיט וואַזעלין. אָ, די צעשפּאָלטענע הויט.

אָנוואַטעווען — טרוו. ־טעווע אָן, ~
געוואַטעוועט. אויך: ,..וואַטענען. (שנײַדערײַ)
אָנלייגן, אונטערלייגן, אונטערבעטן וואַטע. אָ,
אַ מאַנטל, ד אַקסלען פֿון אַ מאַרינאַרקע.
י

אָנוואָיעווען זיך — אוטוו ־יעווע זיך אָן, זיך
~געוואָיעוועט. 1. אַ לענגערע צײַט
ווילדעווען; זיך אָנשפּילן, אָנשטיפֿן ביז מיד ווערן.
אָ, זיך און אַוועקפֿאַלן פֿון די כּוחות. 2. קזוו.
אַרומשלאָגן זיך אויף אַ שפּילעוודיקן אופֿן. די
יונגאַטשעס וואָיעווען זיך אָן. 3. אָנקריגן
זיך, אַרומרײַסן זיך, אָנראַנגלען זיך מיט אַ

צאָל. אָ, זיך מיט אַלע שכנים.

אָנוואָיען — אוטוו. וואָיע אָן, ~געוואָיעט.
מיטאַמאָל, פּלוצלינג אָנהייבן וואָיען,
אַרויסגעבן קלאַנגען — ווענן (אָדער ווי) הינט, וועלף,
שאַקאַלן אע די שאַקאַלן האָבן אָנגעוואָיעט
און זיך באַלד אָפּגעטראָגן.

אַן וואָך — אדוו ארכ אינדערוואָכן. „היר
מיט איין אידר רעכט יודשליך קען לעבין אַן
וואוך, שבת, ר״ח, יום־טובֿ אונ, זונשׂט אַנדרי
צײַטן דר נעבן״, ספֿר המנהגים, שער־בלאַט,
אַמש ט 1723.

15()9

אָנוואָלאָטשען זיך — אוטוו ־טשע זיך אָן,
זיך ~געוואָלאָטשעט. נ)]ו]ד o Bo: >.
א סך, אַ לענגערע צײַט אַרומשלעפּן זיך;
אומוואַלגערן זיך; נע־ונדעווען און ניט האָבן קיין
אָרט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אָ, זיך ווי
אַ הונט.

אָנוואַלגער — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון
אָנוואַלגערן. אָ, פֿון שמאַטעס. 2. רעזולטאַט פֿון
אָנוואַלגערן. אויסמיש. אָנהורב. ״לעבעדיקע און
טויטע זײַנען דאָ געלעגן אין איין אָ׳״, מ יעלין,

ד. געלפערן, פּאַרטיזאַנער פֿון קאונאסער געטאָ
אָנוואַלגערן — טרוו ־ער אָן, ~געוואַלגערט.

.

1. אָנוואַרפֿן. אָנוואַליען. אָנהויפֿן. אָנהורבען.
אָ, שטיקער אײַזן. אָ, פֿאַפּירן, ביכער איבער
דער גאַנצער שטוב. אָ, שטיינער, קלעצער.
2. דזוו אָנוועלגערן, אָנקאַטשען. אַ סך (אויס)־
וואַלגערן. אָ, מיטן וואַלגערהאָלץ דעם גאַנצן
קאָרב וועש. אָ, בלעטער אויף (פֿאַר) לאָקשן.
אָ, די ביינער, די זײַטן = געבן קלעפּ. 3.
אָנ
זאַמלען, אָנקלײַבן און האַלטן אין
אומאָרדענונג. אָ, אַ קעלער מיט אַלטע מעבל. אָ,
אַלערליי מטבעות.
מיט ז י ך — „אויף דײַן ייִנגל וואָס איז
שוין געלעגן אויף דער ערד האָבן זיך
אָנגעוואלגערט דרײַ־פֿיר יונגאַטשעס“. „[די הײַזער]
האָבן אים [דעם הויף] געקוועטשט מיט זייערע
בלינדע ווענט, זיך אָנגעוואַלגערט אויף אים“,
בערג, ב ס דניעפּער II. “אויפֿן שוואַרצלעכן
פֿענצטער האָבן זיך אָנגעוואַלגערט חושך־בערג“,
סלוצקי איבז, ברענער, אַרום א פּינטעלע
בערלין 1923.
־ונג — „[אַקסענפֿעלד] פֿאַרזיכערט זיך אַלץ

כּסדר וועגן דער 'ווירקלעכקייט, פֿון זײַן
שילדערונגס־אָבּיעקט דורך פּינקטלעכסטער אָ, פֿון
סימנים און בּאַוויײַזן“, מ ווינער, הקדמה,
אקסענפֿעלדס ווערק I, סאָוו', 1931 ־ניש.

.

־ער — אין אַ קינדערשפּיל, ווען צוויי גרופּעס
פֿאַרמעסטן זיך אין לויפֿן צו דערגרייכן צו אַ
פֿענדל — דער וואָס פֿאַרהאַלט אַ לויפֿער פֿון
דער צווייטער גרופּע מיטן אָנהענגען זיך אויף
אים. די שפּיל גופֿא האָט געהייסן □ענדלשפּיל
אָדער אָנוואַלגעריי.

אָנוואַלדיק — אַדי. נעאָל וואָ□ איז אָן וואַלד.
אַן אָ'ע געגנט, בּלויז פֿעלדער און פֿעלדער.
־יקייט — די אָ, פֿון נגבֿ.
אָנוואַלדן — טרוו. וואַלד אָן, ~געוואַלדט.
פֿאַרפֿלאַנצן שטחים ערד מיט וואַלד. בּאַוואַלדן.
אויסוואַלדן. אָ, די נאַקעטע בּערג ־ונג.

.

אָנוואַליען — טרוו. ־ליע אָן, □ י־,געוואַליעט.
1. אָנוואַרפֿן איינס אויף דאָס צווייטע.
אָנוואַלגערן, אָנהויפֿן, אָנשיטן, אָנבּערגלען (עפּעס אין
אַן אומאָרדענונג). אָ אַ הויף מיט קאַרטאָפֿל.

אָ, די פּאָליצע מיט באַלן שטאָף. „בײַ דער טיר האָט אָנגעוואַליעט אַ באַרג שניי“. ‏◻ אָ, די זײַטן = געבן קלעפּ. 2. אָנלייגן, אַרויפֿלייגן אויף עמעצן (צו טאָן) אַ סך אַרבעטן. אָ, אויף דעם שנײַדער־געזעל אַלע שטובאַרבעט. אָ, אויף דעם סעקרעטאַר אַלע ענינים, עסקים. אָ, אַ שווערע משׂא אויף דער אויסגעדאַרטער שקאַפּע.

אָנוואָנציק

מיט ז י ר — אָנשפּאַרן זיך אויף עמעצן, אַרויפֿלייגן זיך מיט שווערקייט. “וואַליע זיך ניט אָן אויף מיר, איך האָב ניט קיין כּוחות“. „וואָס וועל איך טאָן אַז נאָך די צוויי יאָר קעסט וועלן זיך דאָס פּאָרפֿאָלק אַרײַנקלײַבן צו מיר און וועלן זיך אָ, אויף מײַן קאַרק“, שמ“ר, דער אוצר, ווילנע 1884.

אָנוואָלעכן — טרוו וואָלעך אָן, ~געוואָלעכט. (שפּאַסיק) אָנזינגען אַ סך וואָלעכלעך. „דער חזן האָט זיי גוט אָנגעוואָלעכט, געבעטלערט, אַ ביסל געטרעלעלט... עס איז געווען אַן עונג יום־טובֿ“, דער יודישער פֿאַר־פּטח, וואַרשע

.1881

אָנוואָלען — טרוו ־לע אָן, ~געוואָלעט.

לאָקל, פּאָד, בּעס. אָנבּראָנעוועו. אָ, ס'גאַנצע

פֿעלד.

אָנוואַלצ — טרוו. וואַלץ אָן

ז

.2

אנ, ~געוואַלצט.

1. אָנשטעלן וואַלצן. אָ, ד מאַשין.

י

אַרבּעטן עפּעס מיט וואַלצן. אָ, שטאָף. 3.

אָנדרעשן מיט אַ וואַלץ. אָ, תּבֿואָה. פֿרגל

אויסוואַלצן, 227 ־ונג.

.

אָנוואָלקנדיק — אדי וואָס איז אָן וואָלקנס;

וואָס איז ניט פֿאַרצויגן מיט וואָלקנס; וואָס

איז ריין, דורכלויכטיק. „ס'איז דורכזיכטיק די

וועלט און אָ, ווי אין אַ טאָג פֿון פּשוטן יונגן

גליק“, ימ איבּז, טאָמאַס מאַן, טאָניאָ קרעגער,

1930, הקדמה. ־יקייט.

אָנוואָלק(ע)נען — דזוו אויסוואָלק(ע)נען ←,

227. אויך פֿיג. דער טרויער האָט אָנגעוואָלקנט

זײַן פּנים. אויך מיט ז י ך — „בּאַלד האָט

זיך אָנגעוואָלקנט אַז סע איז מיר געוואָרן

פֿינצטער אין די אויגן" מרדכי אָסטראָווסקד, אמענש
אָהן אקאָפּ, זשיטאָמיר 1876. "דער גאַנצער
הימל אַרום פֿעלדז האָט זיך אָנגעוואָלקנט", נס,
'מוסר'. אויך ▯יג. זיך אָנבּייזערן, זיך אָ,
אויף דער טאָכטער.
אָנוואַלרעכטיק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט
ניט קיין וואַלרעכט. "אַ ספּעציפֿישער מאָמענט
אין דער רעכטלעכער לאַגע... דאָס איז דער
גרויסער פּראָצענט אָ'ע,,, מ. קיפּער, דאָס ייִדישע
שטעטל אין אוקראַינע, כאַרקאָוו 1929.
אָנוואַנדערן זיך — אוטוו ־ער זיך אָן, זיך

.

~געוואַנדערט. מיט אַ געפֿיל אַז עס איז
געגוג — אַרומפֿאָרן איבּער אַ סך לענדער. אָפֿט
זײַן אונטערוועגס. אָפֿט אונטערנעמען רײַזעס.
אָ, זיך איבּער דער בּרייט און לענג פֿון
ערדקײַלעך. אָ, זיך און זײַן וואו די וועלט האָט נאָר
אַן עק ־ונג ־ניש.

. .

אָנוואָנכען — טרוו. ־כע אָן, ▯,געוואָנכעט.
אָנשמעקן, דערשמעקן, דערשנאַפֿן, דערשפּירן.
אויסגעפֿינען, פּע אָ אָ, עפּעס אַ גוט געשעפֿטל.
ו
אָ, ווי אַ הונט אין אַלע ווינקעלעך. אָ אַ

גע,

פֿאַר ־עניש.

—.

אָנוואָנציק — אדי וואָס איז אָן וואָנצעס.

,,דער קסיאָנדז... זײַן געשטופּלט אָ, פּנים איז נאָך געווען אָן קנייטשן“, ידידיה מאַרגאָליס, פּויערים, מאָסקווע 1939.

אָנוואַסערדיק

אָנוואַסערדיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) וואַסער. אָ'ער מדבר. אָ, לאַנד.

2. וואָס קען אויסקומען, זיך באַגיין (כּמעט) אָן וואַסער. אָ'ע בעלי־חיים. אָ'ער מאכל.

—יקייט.

אָנוואַסערן — טרוו ־ער אָן, ~געוואַסערט.

1. אָנזאַפּן, אָנטרינקען, דורכנעמען עפּעס מיט וואַסער. אָ, די וואַזאָנען. אָ, די אויסגעטריקנטע ערד. 2. באַוואַסערן. דורכפֿירן, דורכציִען, צדבּרענגען וואַסער(־רערן). איריגירן. אָ, דעם נגבֿ. א, די שטיבער פֿון דאָרף. 3 פֿיג. איר.

.

פֿאַרוואַסערן. אַרויסזאָגן אָדער אָנשרײַבן עפּעס וואָס זאָל כּמעט גאָרניט זאָגן, גאָרניט אויסדריקן. אָ, אַן אַרטיקל מיט איבעריקע רייד.

אָ אַ רעדע מיט פֿוסטע און פֿאַרעלטערטע

,

טראַפֿאַרעטן.

▯

אָנוואָסנדיק — אַדי. וואָס איז אָן וואָפֿן.

אַן אָ'ע פֿאַרטיידיקונג ־יקייט.

- ▯

--

אָנוואָסענען — טרוו. ־פֿן אָן, ~געוואָפֿנט.

1. באַוואָפֿענען. באַזאָרגן, אויסשטאַטן מיט כּלערליי וואָפֿן, כּלי־זיין. אָ, די אַרמיי מיטן נײַסטן וואָפֿן. אָ, די פּאַרטיזאַנער־מחנה פֿיג.

.

“מענטשן האָבן מיך אַנגעקוקט און געחידושט זיך, און אָנגעוואָפֿנט אויף מיר זייערע צינגער,,, הל, 'לידער צו אַ ווײַטן פֿרײַנט'. 2. צוגרייטן, באַפֿעסטיקן. זיך אָנגאַרטלען. אָ, מיט אײַזערנע באַווײַזן , אָ, מיט וויסן. אָ, מיט שטאַרקן גלויבן.

אָ, דעם פֿאָרשטייער מיט ציטאַטן און סטאַטיסטישע ציפֿערן, ער זאָל קענען אָפּשלאָגן די אַטאַקע פֿון דער אָפּאָזיציע. מיט ז י ך — "אַן וואפֿנטן זיך דיא דרײַא קלינן מאַן„,, שמואל־בוך, סטראָפֿע 1054. "... האָבן זיך אָנגעוואָפֿנט מער מיט דאַרווינס טערמינאָלאָגיע איידער מיט זײַנע אידייען„, מעריסאָן איבז, קראָפּאָטקין, געגנזײַטיקע הילף, נ"י 1913. „כּדי צו פֿאַרענטפֿערן און בּאַרעכטיקן ליטעראַטור פֿאַרן עולם... האָבּן שלום־עליכם און פּרץ זיך געדאַרפֿט אָ, און אָנלאָדן... מיט... יִדישע כלל־אידייען", בּ. ריווקין, גרונט־טענדע צן... ־ונג.

אָנוואַצקען — טרוו. ־קע אָן, ~געוואַצקעט. אוקר. דזוו אָנוואַדזגען. אָנשמוציקן, אָנבּרודיקן. אויסשמירן אין (מיט) בלאָטע. אָ, די פּאָדלאָגע. אָ, דעם קלאָרן טישטעך.

אָנוואַקלען — טרוו ־קל אָן, ~געוואַקלט.

נעאָל. אָנטרייסלען. אָנשאָקלען. אָנהייבּן צו וואַקלען, בּאַוועגן הין און צוריק. אָ, דאָס שיפֿל

אויפֿן וואַסער. אָ, דעם פֿאָמפּעדיקל פֿון זייגער.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.
אָנוואַקס — דער, ־ן. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנוואַקסן. דזוו אָנוואוקס ←. „דאָ
האָט איר דעם גראַדועלן אָ, פֿון דער דראַמע,
איר נאַטירלעכע אַנטוויקלונג“, מוק, פּרץ און
דאָס ייִדישע טעאַטער.
אָנוואַקסן — אוטוו. וואַקס אָן, ה אָ ב & בּ י ן
~געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. אַרויסוואַקסן;
אַרויסשפּראָצן; אַרויסגעבּן גערעטעניש.
בּאַוואַקסן ווערן. אַז מע וועט פֿאַרזייען וועט אָ'.
די בּיימער וואַקסן אַן מיט פּירות, זיי בּרעכן

151()

זיך אַזש פֿון דער משׂא. „די האָר אויפֿן קאָפּ
וועלן איר צוריק אָ'„. „אַ געדיכטע בּאָרד איז אים
אָנגעוואָקסן“. „לאָז אָ, וואָנצעס, זיי וועלן דיר
פֿאַסן“. “דא מאַכט גאָט וואַקסין אין מיטן פֿון
דר גרובּ קרײַטר מיט וואָרצלן די פֿאַשט אַן
דר זײַטן פֿון די גרובּ אַן גיוואַקסין זײַן“, לט1,
קמט/א. “תּבֿואה וואָס אין איר האָט אָנגעוואַקסן
די ווידערוואַקסונג פֿון אינדיג... הייסט מען
דאָס ניט אויסיעטן„, זרעיס, לז/ב. „פֿון שרײַען

קאָלאָניאַליזם וואַקסן קיין שיך ניט אַרויס, און פֿון רײַסן זיך צווישן זיך וועט קיין העמד אויפֿן לײַב ניט אָ'", בצג, טמז, 1 1965 I.

2 פֿאַרוואַקסן ווערן. אַרומוואַקסן. באַדעקט
.
ווערן מיט עפּעס. אָ, מיט בלאָטע, מיט שמוץ. די ווענט וואַקסן אָן מיט שימל. אָ, מיט מאָך. אָ, מיט שמאַלץ = ווערן פֿעט, דיק. *עס וואַקסט אָן אויף אים ווילדפֿלייש = א) ווערט פֿאַרגרעבט; ב) ווערט רײַך. „די טישן און בענק זענען אָנגעוואָקסן מיט פֿאַרטריקנטער בלאָטע„, קמ 4 '1866 No. „עס איז אָנגעוואַקסן בלאָטע [אויפֿן דיל] באַלד ביזן פֿענצטער„, ב. א.

זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט ‏ I, וואַרשע 1887. „ס'איז פֿאָראַן אַ חילוק... צי בשׂר־הלבֿ, צי בשׂר־הרגל, און ס'איז פֿאַראַן וואו עס וואַקסט אָן ווילדפֿלייש", לדב, נ„י 1957. „מײַן וואָרט און איך — מיר טראָגן יאָך און צוימען, עס זאָל נישט אָ, אויף אונדז די זעט", ב. לאַפּין,

ולער קרוג.

3. אויסוואַקסן. אַרויסקומען. אַרויסשפּאַרן. געשוואָלן ווערן. בראָדעווקעס וואַקסן אָן אויף זײַן פֿליישיקער נאָז. אַ געשוויר, אַ גוליע איז אים אָנגעוואָקסן אויפֿן קאָפּ. עס וואַקסט אים

אָן אַ פּעמפּיק. קללה: אַ האָרבּ זאָל דיר אָ'.
4. אויפֿקומען. בּאַווײַזן זיך. גיך אויפֿגעבּויט ווערן. צענדליקער נײַע הײַזער זײַנען דאָ אָנגעוואַקסן אין משך פֿון עטלעבע חדשים. אָ, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.
5. צוּוואַקסן. צוקומען. ווערן מער. אַרײַנלייגן געלט אין בּאַנק, עס זאָל אָ, פּראָצענט. זײַן

-

פֿאַרמעגן וואַקסט אָן. „און וואָס עס וועט אָ, פּראָצענט זאָל דער דאָזאָר אָפּנעמען און ער זאָל דערפֿון מאַכן אַ תּלמוד־תּורה„, בּינטשע די צדקתטע, וואַרשע 1883. "... עס איז שוין ווידער 15 רובּל רווחים אָנגעוואַקסן", מסדר אגרת, קפ"ה.
6. שטײַגן. ווערן שטאַרקער, ראַשיקער, גיכער. די שפּאַנונג (פֿאַראינטערעסירונג, סענסאַציע, סקאַנדאַל) וואַקסט אָן. דער קלימאַקס וואַקסט אָן. די מוזיק וואַקסט אָן צום פֿינאַל. "אין מדבּר וועט ער אַוועק אין איינזאַמקייט, וואו ער וועט לאָזן די נײַע נשמה אָ, אין אים", בּ. ריווקין, ה. לייוויק.... "די ייִדישע פֿראַגע האָט גענומען אָ, אויך אין אַן אַנדער גרענעץפּונקט", ימ איבּז, שד II . "דערהערט אַן

אומרואיקן, אַלץ אָנוואַקסנדיקן גערויש“, ה. דאָבין,
צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941. „דערהערט
זיך דאָס אָ, פֿון קריגס־רעש“, יעקבֿ פֿרידמאַן,
נ􏰀ילים, ז, 56.
7. ווערן מער, גרעסער, העכער. די כּתבֿ־ידן
אין אַרכיוו וואַקטן אָן ביזן סופֿיט. די

דאָקואָנוואַרעמען

מענטן, באַוויַזן קעגן באַשולדיקטן וואַקסן אָן.
פּראָבלעמען וואַקסן אָן. ענינים צו דערליידיקן
וואַקסן אָן. דער עולם צו דער פּראָטעסט־
פֿאַרזאַמלונג וואַקסט אָן.
מיט ז י ך — פֿון זיך, אָן כּוונה, אָן
באַמיאונג. „עס וואַקסט זיך אָן פּראָצענט“ (וועגן
אייניקלעך). ‟איך לאָז זיך אויף מיר קיין סך
עבֿירות ניט אָ', איך רייניק זיי ביסלעכוויַז
אָפּ„, מ. שפּירא, דער צבֿועק..., אַדעס 1896,
ז, 147.
־ונג — „ער וואַר אין זיַן אָנפֿאַנג איין
אייער פֿר קאַפּיר אונ, דורך אַן וואַקסונג פֿון
זיַן (משׂא ומתּן) איז ער איין מאַקלאַר גוואָרן
אונטר ענגלישי (סוחרים)„, שאַר, קא/ב. “
דערשפּירט אין זיך אַן אָ, פֿון קראַפּט און

קולטורעלן שאַפֿן,,, זשיט.
אָנוואַקסן — < וואַקס. ← אָנוועקסן.
אָנוואַראָזשען — טרוו & אוטוו ־זשע אָן,
□
~געוואראָזשעט. פּ□: □,,וואָראָזשען,
~ווראָזשען. 1. אָנכּישופֿן. "... מיט
זײַנע משוגענע רייד וואָס ער האָט אָנגעוואָראָזשעט
אויף דער שטאָט,,, פּמ, דאָר־אויס, דאָר־אײַן,
כאַרקאָוו 1929. 2. (שפּאַסיק) אַ סך
אויסלייגן, פּותר זײַן. טרעפֿן, פֿאָרויסזאָגן. ,,די
ציגײַנערקע האָט אים אָנגעוואַראָזשעט אַ
גליקלעכע צוקונפֿט". אָ, דאָס טעלערל פֿון הימל.
אָנוואַרגן — ← אָנווערגן.
אָנוואַרגענען זיך — אוטוו ־גע זיך אָן, זיך
.
□,געוואַרגעט. לר. □.. אויסוואַרגענען, 228.
אָנמאַטערן זי□. אָ, זיך בײַ דער אַרבעט. אָ, זיך
אַ גאַנצן לעבן.
אָנוואַרזען — פּד. ← אָנווערזען.
אָנוואַרטן — פּד. אַנשטאָט אָפּוואַרטן. ,,האָבן
זײַנע תּלמידים אָנגעוואַרט ביז ערבֿ יום־כּיפּור,
ווען מענטשן זײַנען פֿאַרנומען מיט צוגרייטן
זיך צום יום־כּיפּור,,, הרבֿ בנימין גרינבערג

איבּז, ספֿר נפֿלאות הזהר, מאָנטרעאָל 1927.

אָנוואַרטן זיך — אוטוו. וואַרט זיך אָן, זיך ~געוואַרט. 1. אַ סך, אַ לענגערע צײַט וואַרטן (מיט בײַבּאַטײַט פֿון זײַן אומגעדולדיק). אָ, זיך אויף אַ פֿאַרשפּעטיקטן גאַסט. אָ, זיך אויפֿן גרויסן געווינס. אָ, זיך אויף אַ רעגן אין אַ יאָר פֿון טריקעניש. אָ, זיך ווי אויף משיחן. 2. האָבּן געדולד, זײַן געדולדיק בּײַם וואַרטן. אָ, זיך אין דער 'אָטשערע, (= ריי] אַ גאַנצע נאַכט. אָ, זיך אויף אַ בּאַשערטן. אָ, זיך בּײַם דאָקטער אין אוי□נעם־צימער. אָ, זיך אויפֿן בּאַן ־ונג ־עניש.

. .

אָנוואָרטשען — טרוו. ־טשע אָן, □י־,געוואָר□ טשעט. 1. אָנבּורטשען. אָנרעדן עפּעס אומקלאָר אַזוי ווי צו זיך אַליין. אַרומגיין איבּערן שטובּ און אָ, יעדן אַ פֿולן קאָפּ. 2. כּסדר אַרײַנשושקען, אַרײַנמורמלען עמעצן סודות אין אויער אַרײַן. אָ, רכילותלעך אויף די חבֿרטעס. מיט ז י ך. ־עניש.

אָנוואַרעמען — טרוו ־רעם אָן, ~ געוואַ.
רעמט. 1. מאַכן וואַרעם. דורך אָנהייצן דערבּרענגען טעמפּעראַטור צו נייטיקער מדרגה.

אָנוואַרעמען זיך

אָ, די שטובֿ. אָ, די לופֿט. אָ, דעם מאָטאָר פֿון אויטאָ. ,,ער האָט אַפֿילו ניט פֿאַר וואָס זיך האָלץ צו קויפֿן ער זאָל זײַן לײַבֿ קענען רעכט אָ',,, ר, משה בּר, נתן נטע, איבּז, קה, סודלקאָוו 1821. ,,די נאַטור טוט די אייגענע מיטלען אָנצוּוואַרעמען דאָס אינעווייניקסטע פֿון דעם מענטשן, ווי דער מענטש, אַז ער וויל אָ, זײַן דירה,,, וו. און ס,, איבּז, די מע□)ה פֿון דעם שטיקעלע בּרויט, זשיטאָמיר 1869. ,,ווען מע האָט צו טאָן מיט מעטאַלן, דאַרף מען נעמען אין בּאַטראַכט אַזעלכע אייגנשאַפֿטן: זייער... שמידעוודיקייט, שמעלצעוודיקייט און דעם גראַד פֿון אויסבּרייטונג בּײַם אָ,,,, ל. זאַמעט, ייִשפּ XX, 3. אָ, אַן איַ□ן; אָ, אַ פליטע — (שנײַדעריש) צוגרייטן, מאַכן אַן אײַזן(־פּרעס). ,,זי קען גוט קאָכן, און צעוואַשט אַ שטיקל גרעט, און וואַרעמט אָן אַן אײַזן,,, יעקבֿ מאיר ליפֿשיץ, אַ וואָלוועלער בּיסין, ווילנע 1892. אָ, מיט אַ רימען = אָנשמײַסן.

.

2. אַ בּיסל צוּוואַרעמען. צוקאָכן. מאַכן

צוריק וואַרעם נאָכדעם ווי ס'איז געוואָרן קאַלט.
אָ, דאָס עסן. אָ, דעם טשײַניק טיי. אָ, די יויך.
„די בית־שמאי זאָגן אַז מע טאָר ניט אַרײַנלייגן
בּינטלעך פֿלאַקס אין אויוון, סײַדן [עס איז
פֿאַראַן גענוג צײַט] אַז זיי זאָלן אָנגעוואַרעמט
ווערן [פֿרײַטיק] ווען עס איז נאָך טאָג,,, פּיעט,
שבּת, א, ו. „און [זיי] האָבּן צעלייגט אַ פֿײַער
און אָנגעוואַרעמט וואַרעם וואַסער“, לט2, פּח/ב.

3 ◻ דערוואַרעמען. אָ, די פּיס, די אָפּגעפֿראָ־
רענע פֿינגער. אָ, די גלידער. אָ, אויף דער זון
די בּיינער. אָ, דאָס בּעטעלע פֿאַרן קינד. אָ, דעם
געלעגער. „ניט דער פּעלץ וואַרעמט צוערשט
דעם מענטש נאָר פֿאַרקערט: דער מענטש
וואַרעמט אָן דעם פּעלץ,,, יהל, די קאָלאָניסטן I,
וואַרשע תּר״ץ. „אָ, מיט אַ פֿינגער קאַלטע
מאָנומענטן“, רייזל זשיכלינסקי, שווײַנדיקע טירן.

4. אַרײַנבּרענגען עמעצן אין אַן אָנגענעמער,
געהויבּענער שטימונג. אויפֿמונטערן.
דערפֿרייען. צוגעבּן מוט. אָ, די פֿאַרפּײַניקטע בּרידער
מיט גוטע פֿריידיקע נײַס. אָ אַ מאַמעס האַרץ

מיט אַ בּריוועלע פֿון די קינדער. אָ, דעם עולם
מיט אַ היציקער רעדע, מיט שאַרפֿזיניקע וויצן.
אָ, די אָנטיילנעמער אין ספּאָרט־פֿאַרמעסט. אָ,

די שטרײַקנדיקע אַרבעטער מיט גוטע צוזאָגן.
אָ, די אַטמאָספֿער אין זאַל. „נאָך עטלעכע מאָל אונטערטוקן זיך אין דעם ים־התּלמוד האָס הערשעלע שוין געשפּירט אַ קעלט און זיך געאײַלט אַרויס אָנצוװאַרעמען די נשמה„, ממוס, װינטשפֿ.

5. מאַכן עס זאָל זײַן באַקװעם, אָנגענעם. אָ, אַן אָרט אויפֿן גאַנצן לעבן. אָ אָ פּלאַץ. אָ,

,

-

אַ שטול — איבערגעבן עמעצן אַ שטול (פּלאַץ) צום זיצן, אויף װעלכן מען איז אַליין געזעסן. אָ, די אייגענע דירה (װענט) — זיך גוט אײַנאָרדענען אין דער היים. אָ, די פּיס =

▯

זײַן, בלײַבן אויף אַן אָרט (שטעל) אַ לענגערע צײַט. „ער האָט נאָך רעכט די פּיס דאָ ניט אָנגעװאַרעמט און װיל שוין זאָגן דעו▯'.
אָנװאַרעמען זיך — אױטװ. ← דפֿװ. צום
ב3: „האָט (הקב„ה) געשיקט אָ קעלט אויף

אַחשורוש דאָס ער זיך זאָל קענען אָ, אָן אסתּר
און זאָל זי דעריבּער ליבּ האָבּן,,, ר, אַהרן
מטריבֿש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר,,ג. צום
בּ4. ,,אַן אָרט אויף אָנצוּוואַרעמען זיך איז פֿאַר
אים געווען אַגדתּות, מעשׂיות און הייליקע
מוסר־ספֿרים,,, ממוס, ווינטשפֿ. ,,די קאַלטע
איינזאַמקייט פֿון לעבּן נעמט פֿרירן זייער האַרץ
און זיי ווילן זיך אַ בּיסל אָ, אָן זייער יוגנט,,,
דא פֿון בּערלין בּיז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע

1930. ''יִדן האָבּן זיך בּײַם מגיד
אָנגעוואַרעמט'' פֿ. בּימקאָ, איק, פּסח תּשב''ז. דערצך

נאָך בּײַ די ספּעצ בּבּ:

1. אײַנהאַלטן זיך. זײַן, בּלײַבּן ערגעצוואו,
בּײַ עמעצן אַ לענגערע צײַט. אָ, זיך אין
שטעטל. דאָס געלט וועט בּײַ אים זיך ניט אָ'. *,,בּײַ
אים וואַרעמט זיך קיינמאָל אַ קאָפּיקע ניט אָן''=
ער האָט שיטערע פֿינגער, איז אַן אויסבּרענגער.
איינער בּײַ וועמען געלט האַלט זיך ניט.

2. זיך אײַננאַדיען. זיך צושאַרן; זיך צומאַכז
צו עמעצן מיט דער כּוונה צו געניסן. אָ, זיך

בײַם גבֿיר. אָ, זיך אָן רײַכן קרובֿ. אָ, זיך אין עמעצן. אויך: אָ, זיך אַרום אַ גרויסן גײַסט, געלערנטן, דענקער = גײַסטיק געניסן פֿון אים. אָ, זיך בײַ פֿרעמדע טישן.

־ונג — „אַלע קערפּערס פֿאַרבֿרייטערן זיך דורך אָ, און ציִען זיך צונויף דורך אָפּקילונג"„. יאַשונסקי איבֿז, ה. שמידט, דאָס וועלט־בילד, וואַרשע 1923 ־עכץ ־עניש ־ער —

. . .

„ער איז ניט קיין רעדנער און אַוודאי ניט קיין אָ"„, בֿ. שעפֿנער פֿאָר, 7 ▯ 1962 ▯I. אויך: מכשיר

,

אָנצוּוואַרעמען. ־ערײַ.

אָנוואָר(ע)נען — דזוו אויסוואָר(ע)נען ←, .229

אָנוואַרף — דער, ־ן. פּפֿ: אָנוואָר▯.

1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אָנוואַרפֿן. אַן אָ, פֿון כּלערליי זאַכן. אַן אָ, פֿון אידייען. אײַליקער אָ'. 2. דזוו אָנוואורף ←. אַן אָ, פֿאַר אַ גרעסערער אַרבֿעט. „עס איז נייטיק אַ גרונטיקע דורכשטודירונג אויסצושעפּן אַט דעם חומש־קוואַל. ווײַטער גיבֿ איך בלויז אַן אָ', בלויז אַ התחלה. אפֿשר וועט עס אָנרעגן

עמעצן... צו מאַכן אַזאַ שטודיע,,, שמ, ייִשפּ ,
.
אָנוואַרפֿן — טרוו. וואַרף אָן, ~געוואָרפֿן.
1. וואַרפֿן אַ סך פֿאַרשיידנס און אין אַן
אומ,
אָרדענונג. אָ, קלעצער אין הויף. אָ, ווי אין
אַ הקדש, ווי א ן אַ שטאַל, ווי אין אַ מושבֿ.
אָ, איקרע. ,,האָט אָנגעוואָרפֿן הרוגים אויף אַ
תּחום שבּת ווײַט,,, מע Iה אומן. אויך פֿיג.
,,אין וויכּוח האָט ער פּרובּירט אָ, סבֿרות און
אַרגומענטן,,.
2. אַרײַנוואַרפֿן בּיז עס זאָל וערן פֿול. אָ,
א פֿולן קעלער מיט קוילן. אָ, דעם אויוון —

-

אײַנהייצן מיט אַ סך האָלץ אָדער קוילן, ער
זאָל אַ לאַנגע צײַט זײַן הייס. [בּײַם דרוקן דאָס
ערשטע מאָל ,אָרעמע מצה, אין דער יוד, קראָקע
תּר״ס, No 17 פֿאַרטײַטשט אַר: ,,ווען מע
,
הייצט אײַן בּײַטאָג דעם אויוון אום צו בּאַקן

די מצה שוין ביז ענדע נאַכט. עס דויערט

אָנוואַרפֿן

אַ פּאָר שעה און דאַמאָלס רוען ד אַרבעטער
י

אין פּאָדריאַד.]

3. אַרויפֿוואַרפֿן, אַרויפֿלייגן. „נון מאַכט אוייך אַן דיא מויארן אונ, ווערפֿט לייטרן אַן„, שמואל־בוך, סטראָפֿע 979. “זי ועט אָנרײַסן אַ סך רויזן און בלומען און אָ, אויף זייערע קבֿרים“, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע.

4. אַרויפֿטאָן. אַרויפֿלייגן. איבערוואַרפֿן

איבער עפּעס און צודעקן. אָ, אויף זיך אַ פּאָר וואָלענע טיכער. „ער האָט אויף די לײַכט־שוידערנדיקע פּלייצעס אָנגעוואָרפֿן איר אָוונטפּעלערינע“, זש, טמז, 12 1967 II.

5. אָנלייגן, אָנבינדן, אַרויפֿוואַרפֿן אויף עמעצן אַן עול, פֿאַרפֿליכטונג. אָ, די גאַנצע אַרבעט אויף דעם לערן־ייִנגל. אָ, די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפֿן נידעריקסטן באַאַמטן. אָ, אויף דער יתומה די גאַנצע באַלעבאַטישקייט. „וויפֿל דײַן כּח און דײַן שׂכל איז ברויכסטו צו טאָן, און דאָס שווערקייט פֿון פּרנסה וואַרף אויף אים אָן“, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא 1819. „און דאָס שווערקייט פֿון פּרנסה וואַרף אויף אים אָן, נאָר מיט גרויס געבעט דײַן באַדערפֿעניש פֿון אים מאָן“, ישרי לבֿ, ווילנע 1867, יח/ב. „אַחשורוש... האָט... אָנגעוואָרפֿן פּאָדאַטקעס אויף דער גאַנצער וועלט“, נוצ, ווילנא והורדנא 1834.

6. אַרוי▯ צווינגען עפּעס אויף עמעצן. אָ, דער באַפֿעלקערונג אַ דיקטאַטור. אָ אַ שטרענגן

,

-

רעזשים. אָ, אַ ריכטונג, אַ ליניע. אָ, אַ באַשלוס. אָ, אַ סיסטעם פֿון דער אַרבעט. אָ, אויף דער מערהייט די אײַנשטעלונג פֿון דער מינדערהייט. „איר וועט אונדז ניט אָ, וויפֿל מיר זאָלן געבן צדקה„. „אודר ווערפֿן יענם איין שבֿועה אַן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא פּפֿדמ

,

תּמ„ה? „אַרומגיין איבער די הײַזער, טײלן און אָ, אויף ייִדן די ספֿרים„, ממוס, שלמה „איך האָב קיין שטרײַמל־מוסר נישט געפּריידיקט, קיין רעליגיעזע פֿאָרמען נישט אָנגעוואָרפֿן“, פּרץ, געדאַנקען און אידייען. „מיר ווילן אײַך ניט אָ, אונדזערע מיינונגען„, שלמה באָנדאַרטשוק, אַ בריעף צו אידישע עלטערען, אַדעס 1913 פֿײַנט האָט מען אונדז דערפֿאַר

. „

וואָס מיר האָבן דער וועלט 'אָנגעוואָרפֿן, גאָט„, צײַט, טמז, 8 5 ▯ 19 X.

7. אַרײַנברענגען עמעצן אין אַ שווערן צושטאַנד. אַרויסרופֿן אַ פֿײַנלעכע שטימונג, אויפֿוועקן אַן אומאָנגענעם געפֿיל. אָ אַ מורא,

,

אַ שרעק, אַ פּחד. אָ אַ צעמישעניש. אָ אַ

צעטומלעניש. אָ, אַ טעראָר. *אָ, אויף עמעצן
אַ דול = אים צעטומלען, ער זאָל ניט וויסן
וואו ער איז אויף דער וועלט. „דער הימל
איז אָנגעדרודלט... און וואַרפֿט אָן אויף
איטלעכן אַ מרה־שחורה מיט זײַן פֿינצטערן פּנים„,
ממום, שלמה. „ראַכע טרײַבט אונדז צווישן
פֿאָלק, אום אָנצוּוואַרפֿן שרעק אומזיסט?“,
יהואָש, 'די מצורעים,. “יעדער רובל וואָס ער
פֿלעגט אויסגעבן פֿלעגט אים אויסרײַסן אַ שטיק
האַרץ און אָנגעוואָרפֿן אויף אים אַ שרעקלעכע
אימה“, י. גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק,

ווילאָנוואַר▯ן זיך

נע 1893. „יענער אומבאַקאַנטער און
שווײַגנדיק־בייזער, וואָס האָט אַמאָל אויף אים [דעם
וואָקזאַל] דעם שלאָף אָנגעוואָרפֿן, איז שוין
לאַנג אַ שוֹכן־עפֿר“, בערג, ארוס וואָקזאַל. “זי
ברענגט אַרײַן אין דעם בילד יענוועלטישע,
מיסטישע ריחות... וואָס וואַרפֿן אָן אַ פּחד“,
ש ביקל, שרוובער ▯ון מײַן דור I.

8. זן דזוו בײם ב7, נאָר די שטימונג אָדער דאָס געיל זײַנען לויטער. „דאָס גרינע גראָז און דער ריח פֿון דער ערד וואַרפֿן אָן אריף אונדז עפּעס אַ מין זיסקייט, אַ דרימל“, שע, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער II.

9. אויסאַרבעטן (אָן פּרטים) און פֿירלייגן. אָ אַ פּלאַן, אַ סכעמע, א פּראָיעקט. אָ אַ סדר, ,

היום. אָ, פּלענער פֿאַר אַ וואַל־קאַמפּאַניע. אַ אַ סמעטע. “ער האָט געקאָנט אָ, די ראָשי,

פּרקים — אויספֿירן האָט ער ניט געקאָנט“, קאָר I. „וואַג איך אָנצוואַרפֿן עטלעכע מחשבֿות און פֿרעגן עטלעכע קשיות“, זב, דר שטימע ון טאָל, נ“י 1940.

()1. סקיצירן. אָ, אַ צייכענונג פֿאַר די דעקאָראַציעס. אָ, די עסקיזן פֿאַר די קאָסטיומען. אָ אַ מאָדעל פֿאַר אַ נײַער שיף. אָ, אויף שוואַרץ ,

די דויכטיקע רעדע.

11. מאַכן קורצע נאָטיצן (שפּעטער צו באַאַרבעטן). אָ, אין נאַטיץ־ביכל די ענטפֿערס פֿון

אינטערוויו. אָ, דעם געבוי, די קאָנסטרוקציע
אַר אַ טרילאָגיע. אָ, די הויפּט־פּונקטן פּאַר אַ
גרעסערער וויסנשאַפּטלעכער אַרבעט. אָ אַ
,

קאָמפּאָזיציע. אָ, די הויפּט־טעמע פּאַר אַ
סימפאַניע. "דורכגענומען מיט נײַער יום־טובדיקער
אויפגערעגטקייט, האָט ער גלײַך גענומען אָ,
די ערשטע זײַטלעך פון צווייטן טייל 'הויף
אויף זשוקאָווסקי,"', בערג, בײַט דניעפּער II.
12. שילדערן. מאָלן. פּונאַנדערוויקלען. אָ,
פּאַר די פּאַרזאַמלטע אַ שרעקלעך בילד פון פּײַן
און צרות, פון הונגער און נויט.
13. אויך אומפ. (אָנ)פּאַלן. "עס האָט
אָנגעוואָרפן שניי, מע קען ניט אַדורכגיין די גאַס".
אָנוואַרפן זיך — אוטוו. ← דפוו. 1. אַ
לענגערע צײַט וואַרפן עפּעס און פאַרמאַטערט
ווערן. אָ, זיך מיט די זעק פלאַקס בײַם
אויסלאָדן דעם וואַגאָן. אָ, זיך אַ קדחת, אַ
בויכ
ווייטיק = ווי אַ רעזולטאַט פון שווערער
פיזישער אַרבעט. 2. קזוו. זיך איבערוואַרפן. אָ,
זיך מיט דעם באַלעם און אַוועקפאַלן אַ

טויטמידער. □אָ, זיך מיט די אויגן = כסדר דורכנעמען עמעצן (עפֿעס) מיט די אויגן; וואַר□ן אויגן; באַגערן עפֿעס. „האַסט זיך אויף איר צו פֿיל שוין אָנגעוואָרפֿן מיט די אויגן“, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931.

3. אַרויפֿוואַרפֿן זיך. אָנפֿאַלן, באַפֿאלן עמעצן. אָ, זיך אויפֿן שׂונא מיט דער גאַנצער קראַפֿט. אָ, זיך אריפֿן שכן מיט טענות און זלזולים. אָ, זיך ווי אַ ווילדע חיה. אָ, זיך מיטן שווערן גוף אויפֿן קעגנער און אים אַוועקלייגן, אים צודריקן. „צרות וואַרפֿן זיך אָן פֿון אַלע זײַטן“. “די היישעריקן האָבן זיך אַנגעוואַרפֿן אויף די פֿעלדער און אַלץ אויפֿגעפֿרעסן“.

1512

4. אָנלייגן זיך; אָנזעצן זיך; אָנהענגען זיך אויף עמעצן. ווערן אַ לאַסט, אַן עול; פֿאַלן צו לאַסט. אָ, זיך אויף אַ קרובֿ. אָ, זיך אויף קהל. “דורך דעם פּרישות האָט ער ניט אַנגעוואָרפֿן זיך אויף זײַנע פֿרײַנד זיי זאָלן אים שפּײַזן“, חה, ב, □29. “(זיי) וואַרפֿן זיך אָן אויף דער

שטאָט מיט זייערע באַדערפֿענישן", ממוט, □למ□

5. אַרויפֿצווינגען זיך; אומגעבעטענערהייט זיך אָנבאָטן; צושטיין. זײַן צודרינגלעך. צומאַכן זיך. "— אָ, זיך אויף יענעם מיט עצות, כאָטש יענער האָט זיך אין זיי כלל נישט גענייטיקט", ממומ, דאָס קליינע מענשעלע ,,אַ סך אַזעלכע האָבן אין דער לעצטער צײַט זיך אָנגעוואָרפֿן צו זײַן אונדזערע רופֿאים, און אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זייערע בויך־סבֿרות", ממוט, א סגו—לה... "כלעבן, ניט יעדעס ליאַדע שרײַבערל האָט דאָך דאָס רעכט זיך אָנצףוואַרפֿן אויפֿן עולם מיט זײַן יובילעאום!", ייִל, פֿונ'ם יאַריד, אַדעס 1909.

—ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)

— ,,[ש. ניגער] איז געווען מער לערנער ווי טעאָרעטיקער, מער אויפֿנעמער ווי אָ"", מ. ש טריגלער, איק, □)195.

אָנוואָדצלדיק — אדי. 1. וואָס האָט ניט קיין (איז אָן) וואָרצלען; וואָס איז ניט פֿאַרוואָרצלט, ניט אײַנגעוואָרצלט. אַן אָ'ער שרײַבער.

2. וואָס נעמט זיך ניט אָן; וואָס שלאָגט ניט קיין וואָרצלען. וואָס איז צײַטווײַליק, ניט

פערמאַנענט. "אין גלרת איז אַלץ דאָך אַזוי אַבּסטראַקט אָ,", ייִבל XXI. "די אָ'ע רעוואָלוציע אין דער אַמעריקאַנער פּאַעזיע האַט געמוזט פֿאַרלירן א סך בּאָדן", יג, איק, 13 IX 1957.
־יקייט.
אָנוואָרקען — ־קע אָן, ~געוואָרקעט. אוטוו
— דזוו אויסוואָרקען, אוטוו, □. 229. אָ, ווי אַ טויבּ. טרוו אַרויסזאָגן, ארויסבּרענגען
□-----
עפּעס מיט רייד, ענלעך צום וואָרקען. אָ, אַ גאַנצע ליבּע־דערקלערונג. ־עניש.
אָנוואַשן — טרוו. וואַש אָן, ~געוואַשן.
1. אַ סך (אויס)וואַשן. אָ אַ בּאַליע מיט גרעט.
,
2. פּד איַינוואַשן. אָ, ס'פּנים. אַ, די הענט. אָ, די פֿרוכט פֿאַרן עסן. 3. אָנזידלען. אָנמוסרן. גוט אויסריידן, אַרײַנזאָגן. אויסצוואָגן. אָ, אַ מאָרדע, יענער זאָל זיך האָבּן צו האַלטן.
מיט ז י ך — "אין אַ געוויסער שטאָט בּאַקומט מען אַ פֿלעשעלע וואַסער וואָס מ'וואַשט זיך מיט דעם אָן, ווערט מען יונג", פּמ [ש לעהמאַן, בּיַי אונז יודען, וואַרשע 1923]. ־עכץ.
־עניש.
אָנוו אָנדזלען — טרוו ־דזל אָן, ~

געוויאָני .

דזלט. אַ סך אָנרייכערן, (אויס)וויאָנדזלען, (אויס)רייכערן. אָ, אַלערליי מינים פֿיש. אָ, הערינג.

אָנוו אַנען — אוטוו ־נע אָן, ~געוו אַנעט.
י

אַ ביסל וו אַנען. אָנהייבן וו אַנען. „איר זעט,
י י

די אונטערשטע בלעטער פֿון וואַזאָן האָבן שוין אָנגעוו אַנעט“.
י

אָנוווּזונ

אָנוויגן — טרוו. וויג אָן, ~געוויגט. 1 פֿאַר.
וויגן. אָ, דאָס קינד אין וויגעלע. 2. אָנהוידען, צעהוידען. צעוויגן. אָ, די הוידלקע עס זאָל פֿליִען הויך ביז צום הימל. מיט ז י ך —
„איך האָב זיך שוין הײַנט גענוג אָנגעוויגט. וויג דו זיך אַ ביסל“. —ונג. ־עניש.
אָנוויטע(ווע)ן זיך — אוטוו ־טע(ווע) זיך אָן, זיך ~געוויטע(ווע)ט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט, גריסן זיך מיט אַ צאָל (דורך אַ שאָקל

מיטן קאָפּ אָדער באַוועגונג מיט דער האַנט).
אָ, זיך מיט אַלע געסט אויף דער חתונה.
אָנווייבערדיק — אדי וואָס איז אָן ווײַבער.
--
אַן אָ'ער לאַגער אין ווײַטן צ ון. אַ קלוב פֿון
אָ'ע.
אָנווײַדלדיק — אדי וואָס איז אָן אַ ווײַדל.
אַן אָ'ער פּודל.
אָנווײַדלען — טרוו ־דל אָן, י.,געווײַדלט.
.
(קינדער־לשון) אָנטשעפּען אויף אַ ווײַדל. אָ,
דער קאַץ אַ גלעקעלע.
אָנווײַז — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנווײַזן ←.
--
אָ, מיטן פֿינגער. אָ, אויף דעם שולדיקן. אָ'־
ש ט ע ק ל פֿאַר דער וואַנטמאַפּע. 2.
באַמערקונג. סוגעסטיע. עצה. אַן אָ, ווי צו פֿאַרריכטן
דעם מאַנוסקריפּט. אָ, ווי אַזוי צו האַנדלען אין
אַ געוויסער סיטואַציע. אָ, ווי צו
אינטערפּרעטירן די ראָלע. אַן אָ, ווי צו באַהאַנדלען דעם
שווערן חולה. 3. (אָנ)וואונק. אָנצוהערעניש.
רמז. "לעגענדעס... זיי זײַנען אַן אָ, אויף דער
אַלטקייט, אויף דער פֿאַרחורבנקייט פֿון דעם
גלות", קאָר II. "דער אָ, אויף דער 'ברוינער

טעקע'... איז ניט קלאָר‟, מוו, היטלערס
פּראָ עטאָרן.
4. אינסטרוקציע. דירעקטיוו. אָ, פֿאַר די
ניצערס פֿון ווערטערבוך. אָ, פֿאַר די תּלמידים
ווי זיך אויפֿצופֿירן. אָ, פֿון לערער וואָס צו
לייענען. אָ, ווי אַרויסצוגיין פֿון דער
אונטערבאַן. ‟מע וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם
אָ, וואָס צו טאָן מיט דער אויפֿגאַבע‟, ימ,
שולגראמאטיק, 1921.   5. ראַיה צו באַפֿעסטיקן
אַ מיינונג. אַן אָ, אויף דעם עקאָנאָמישן מצבֿ
וואָס דערלאָזט ניט פֿאַרגרעסערן דעם בודזשעט.
,,אַ סך איבערצײַגנדיקער איז זײַן אָ, אויף
ענגלאַנד, וואו ייִדן האָבן זיך אַסימילירט‟,
גרינ,... טאָגבוך,
6 פֿאַראָרדענונג. דעקרעט. אָ, פֿאַר דער
באַ.
פֿעלקערונג (ווי) צו שפּאָרן עלעקטרע, וואַסער.
,,נאָר דעם ווי דער הערשער פֿון דער
אַרבעטשטעל און דער מיליטערמאַן האָבן אויף זיין
אָ, געעפֿנט דעם ספּעקטאַקל‟, ישׂראל קאַפּלאַן,
שליאַך און אומוועג.   7. דזוו אָנווײַזונג, ב4
8. זוכצעטל. רעגיסטער. אָ, אין דער רשימה.
אָ, אין (טעלעפֿאָן־)בוך. ביבליאָגראַפֿישער אָ'.
אָנווײַזונג — די, ־ען.   1. פּראָצעס אָדער

-

רעזולטאַט פֿון אָנוויַזן . לויט מיַין אָ'.
"ווּעקסלען וואָס זיַינען אויסגעשטעלט אָן אַן
אַ, סון דער הייך פֿון דער סומע..." , בּ.
האלפּערן, האנטביכל... ון א פֿאָלקסבאנק,
ווילנע 1922. "צו די אָ'ען פֿון אונדזער מאַפּע

אָנווייזיק

קענען מיר נאָר צוגעבן די מערצאָל־פֿאָרמע",
א. וויַנריַיך, ייִשפּ XX, 3.
2. אינסטרוקציע. דירעקטיוו. אָ, פֿאַר די
אָנגעשטעלטע. אָ, ווי צו ניצן געווער. „לויט דער
אָ, פֿון דאָקטער האָט מען אים אָפּגעשיקט אין
שפּיטאָל". "די קינדער... ווערדן... גרינגר
אַנטפֿנגן צוכט אונ, אַן וויַזונג צו תּורה ומעשׂים
טובֿים", בּראנט, פּרק מג. "אונ, איך האָף דז
עשׂ ווערט איין אַנדרן אַזו וואול בּהילפֿג זיַין
אַז מיר, אונ, דז עשׂ ווערט איין אַנדרן אַן
וויַזונג געבֿן אויש דעם איך הבֿ מיַין ווילן פֿול
בּראכט„, חה, אמשט 1716. "יעדער וואָרט פֿון
תּורה ותּפֿילה דאַרף דאָך דעם מענטשן געבֿן
א געוויסע אָ, וו אַזוי צו פֿירן זיך", לדבֿ, נ„י

י

□

1957, צז.

3. באַפּעל. פֿאַראָרדענונג. אָ, פֿון דער
אָקופּאַציע־מאַכט. צאַרישע, קייזערלעכע אָ'.

4. אינסטרוקציע וועגן אַ געלט־טראַנסאַקציע.
צעטל, דאָקומענט בשײַכות מיט איבערשיקן
געלט, אַריבערפֿירן פֿון איין חשבון אויף אַ
צווייטן, קרעדיטבריוו אע. ג ע ל ט־אָ'. פּ אָ ס
טאָ'. "זיי האָבן מיט זיך געהאַט פּאַפּירן פֿון
קיניג זעלבסט... דאָס מען זאָל זיי געבן אַלע
הצטרכות אין דער וועלט אויף זייערע אָ'ען",
אמד, די וויסטענײַא זאהאַרא, ווילנע 1868. "דאָ
וואוינט אַ גרויסער באַנקער, אַ גרויסער עושר.
זײַנע אָ'ען גילטן אין די גאַנצע וועלט", מעע)ה
פּליאות (מג, אחים) II, וואַרשע 1875. "ער האָט
בײַ מיר אויסגעכאַפּט אַן אָ, אויף צוועלף
דאָלאַר, און האָט אים צעריסן", ירמי, יוסף
יאקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
"ניט קיין פּראָצענטניק, ניט קיין וואָכערניק,
נאָר מעשׂה באַנקיר מיט אָ'ען", שע, אין שטורם.
אָ'(ס)־וו ע ק ס ל — „דער שטעמפּל אָפּצאָל פֿון

-

אַלערליי ווערקסלען: סאָלאָ־ווערקסלען,
געוויינלעכע ווערקסלען און אָ'ס־וו'ען אויבֿ דער טערמין
פֿון טאָג פֿון צאָלונג איז ניט לענגער ווי
...
דרײַ חדשים דאַרף באַצאָלט ווערן 3 פּער מיל",
בֿ. האלפּערן, האנטבֿיכל... פֿון א פֿאָלקסבאַנק
ווילנע 1922. אויך מיט די אַנדערע בבֿ פֿון דפֿוו
אָנווייזיק — אדי. נעאָל. וואָס ווײַזט אָן.
-

וואָס שטעלט פֿעסט. וואָס באַשטימט. „
אַרויסבֿרענגען אָ'ע צאָלן , מוו, דער וועג צו אונדזער
יוגנט. ־יקייט.
אָנווײַזן — אוטוו & טרוו. ווײַז אָן, ~געוויזן.
--

1. מיט ווערטער (רייד) אָדער מיט געבֿן אַ
צייכן (מיט אַ פֿינגער, מיט אַ וואונק מיטן
אויג, מיט אַ האַנט־באַוועג, מיט אַ שאָקל פֿון
קאָפּ) ווײַזן, אָנצײַגן. אָ, די ריכטונג. אָ, אַ
פֿרעמדן דעם וועג. אָ, וואו דער גבֿיר פֿון שטעטל
וואוינט. אָ, א ו י ף דעם שולדיקן. אָ, אויף
דעם בעַל סחורה. אָ, מיט די אויגן אויף דער
שיינער מיידל. „מסתּמא וועט יעדערער,
ווען מען מיר'ן אַ פֿרעג טאָן באַלד אָ, אויף זיי

מיטן פֿינגער“, ממוס, שטורם־צײַט. „האָבן
פֿויערים... אָנגעוויזן אויף די אויסגעזויגענע
אײַטערס מיט דעם וואונק אַז דאָס האָבן די
מכשפֿות אויסגעמאָלקן“, אַש, תּהילים־ייִד.
„האַלב אומזיכער, פֿונקט ווי דורך אַ דרימל,

1513

ווײַזט אַ האַנט מיר אָן דעם 'גוטן אָרט'“, מר
II. „דער פֿאַסטעך דער שטומער... וואָס ווינקט
ער צו מיר? כ'פֿאַרשטיי ניט זײַן שפּראַך; ער
ווײַזט מיר דעם שלאָס אָן, ער ווײַזט אָן דעם
טורעם“, סעג, קאזמערזש. „אַמאָל, דערציילט
מען פֿלעגט אליהו הנבֿיא אָ, וואו ס'ליגט אַן

,

אוצר„, לאָט, די קונד, ז, 24. “ער האָט געקענט
חסידים וואָס זיי האָבן געוואוסט און אָנגעוויזן
מיטן פֿינגער א ו י פֿ ן אָרט, וואו רבינו הגדול
האָט געהאַלטן שבת“, לדבֿ, נ״י 1957. *אָ, די
טיר = הייסן גיין; משלח זײַן. „ער האָט זיך
נאָכגעפֿרעגט אויף דבֿורה הנבֿיאה און מע האָט
אים אָנגעוויזן אויף רחבֿ הזונה“, רייד (פֿון אַ
סלאָבאָדקער ישיבהניק).

2. האַלטן אָדער ציִען עמעצנס אויפֿמערק דורך (בּאַ)ווײַזן מיט אַ פֿינגער, אַ טײַטל אע. אָנטײַטלען. אָ, מיטן יד אין דער תּורה. אָ, מיטן טײַטל (אויף דער שטעל) אין חומש. אָ, דעם שילער מיטן בלײַער וואו מע האַלט אין בּוך.

3. געבּן אַן אינסטרוקציע, אַ דירעקטיוו. אינסטרוקטירן. אָ, די בּאַאַמטע זייערע פֿליכטן אָ, די אַפּליקאַנטן ווי אויסצופֿילן די פּאַפּירן, די בּלאנקען. אָ, די וויילער ווי זיך נוֹהג צו זײַן בּײַ די וואַלן.

4. בּאַפֿעלן פֿאַראָרדענען. דיקטירן. אָ, די
.
צוואַנגאַרבּעטער וואָס צו טאָן. אָ, דורך אַ דעקרעט, אַ בּאַפֿעל וועו און וואו די ייִדן זאָלן זיך צושטעלן פֿאַר דעפּאָרטאַציע. אָ, דער בּאַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט צו בּרענגען אין דער קאָמענדאַנטור די ווערטפֿולע חפֿצים. “איך פֿרעג בּײַ דיר ניט! דו וועסט מיר ניט אָ, וואָס צו טאָן”.

5. אינפֿאָרמירן. אָנגעבּן. אָ, די דאַטע פֿון אַ היסטאָרישער פּאַסירונג. אָ, ווער עס האָט דער ערשטער אַרויסגעבּראַכט דעם געדאַנק. אָ, די סיבּה (מיט פֿולער זיכערקייט, לשם אינפֿאָרמאַציע). אין אַ וויסנשאַפֿטלעבער אַרבּעט ווערט

אָנגעווײַזן אַז.... אָ, וואו נאָכצוקאָנטראָלירן, וואו
נאָכצוזוכן. אַ, דעם מקור. אָ, וואו דער פּסוק
געפֿינט זיך. אָ, צום סוף פֿון בוך פֿונוואַנען
די מאַטעריאַלן פֿאַרן בוך זײַנען גענומען.
„אַלזו ווײַזן מיר אויך אַן [דורך די תקיעות]
דען טאָג דאז הש„י איז איין מלך איבר אונשׂ“,
מחזור ר״ה ויו״כ, הומבורג 1721, יח/ב. „איך
זיא אַן גוויזן האבֿ, דשׂ רבינו יצחק אַבוהבֿ,
דער דען 'מנורת המאור, גמאַכט האָט“, מהמ,
אמשט 1722 [ייִפּא, 1938, 1]. “מיר קענען סתּם
אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון דער טואונג און נישט
אָ, מער גאָרנישט“, ימ שול־גראַמאַטיק, 1921.

6. רעקאָמענדירן. פֿאָרלייגן. עצהן. אָ, וואָס
און ווי צו טאָן. “זיא ווײַזט דיך אַן צו גוטן,
הער איר צו אונ, זײַא מכבד“, בראַנט. “
באזונדערש האָט די רעגירונג זיי אָנגעוויזן
יעקאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער גובערניעס“,
ממוס, שלמה.

7. מדריך זײַן. לערנען. דערציִען. פֿירן. אָ,
דעם וועג צו וויסן. אָ, דעם וועג צו טאָן גוטס,
צו טאָן תּשובֿה. „זיי זײַנען טויבֿ און בלינד,
מע דאַרף זיי אָ, דעם ריכטיקן וועג“. “מיר
גיפֿינדן אין אונזרר תּורה דז דיא ווײַבר האבן

אָנווײַזן

פֿרשטאַנד צו ארמאַנן אונ, אַן צו ווײַזן צו
גוטן, אונ, אבֿ צו ווײַזן פֿון בּיז“, בּראנט “וויא
איך דען זעלבֿשט אין דיזן ספֿר אַן ווײַזן וויל.
דז אירי שפּריך ווערטר איז חכמות פֿיל... עז
איז קיין שפֿריך וואָרט זאָ גרינג אודר קליין.
עז גיבֿט גוטי לערונג אונ, ווארנונג אין
גימי□ן“, צוכט “צו דר וועקן אונ, אַן ווײַזן אונ,
פֿר שטין צו געבֿן אין איין בּישיידליך אונ,
בּיקענט אונ, גיבּרויכליך לשון“, חה, אמשט
1716. “זיי האָבֿן קיינעם ניט, וואָס זאָל זיי אָ,
דײַן וועג און בּרענגען זיי דײַן ווילן“, אַש,
מש□.

8. אונטערשטרײַכן, אַרויסהייבֿן (מיט אַ
בּײַבּאַטײַט מע זאָל פֿאַרריכטן, מע זאָל בּײַטן אַ
מיינונג). אָ, אויף אַ שוואַכן פֿונקט אין דער
פֿאַרטיידיקונג. אָ, אויף טעותים. אָ, אויף גרײַזן
אין מאַנוסקריפּט. „דער אויסערן־מיניסטער האָט
אָנגעוויזן אַז דער וואַסער־פּלאַן וועט ניט
שעדיקן די שכנותדיקע לענדער“, צ, „דערווײַל
אָבֿער זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן אַז דער גאַנצער
פֿונקט... איז געבֿויט אויף אַן
אומפֿאַרשטענדעניש“, ייִשפּ XIX, 2. „אין דעם

אויסגעשריי
פֿון איינעם וואָס ווערט פֿאַרצוקט פֿון אַ
ווילדער חיה — ווער האָט אַ רעכט אָנצוּווײַזן
אויף פֿאַלשע טענער?“, דפּ, זבֿ, די שטימע ￼ון
טאָל, נ"י 1940, ז, 105. “מיר [חלוצים] בויען,
מיר ברענגען קרבנות, מיר האָבן אויף וואָס
אָנצוּווײַזן,,, ברוך ברכיה, דער חלוץ.. ￼,
דענוועד 1927, ז, 17. “אָנגעוויזן אויף דעם אוממזל
וואָס יִדיש, און ספּעציפֿיש די נײַערע יִדישע
ליטעראַטור, האָט אין דער... אויסגאַבע“, לע,
טאָג, 11 58 ￼1 I.
9. אויפֿווײַזן, ברענגען אַ ראַיה. דערקלערן.
אָ, אויף די מילדערנדיקע אומשטאַנדן. אָ, א ו י ף
דער סיבה (אַזוי ווי עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל.
פֿרגל ב￼). אָ, אויף דער קראַנקייט און אירע
סיבות. ,,מע ווײַזט אָן אויפֿן רבונו־של־עולם,
פֿאַרזיבערנדיק אַז ער איז בטוח, ער איז
באַגלויבט נישקשה“, ממוס, שלמה. “אַ שׂכל
אויסברײַען פֿונעם ש"ך, אָ, אין די אַחרונים אַז
ד אַליה פֿונעם אָקס געהער צום רבֿ, די פֿוס —
י
צו דער רביצין אויף פֿיציאַ“, מ. דלוגאטש, די

וועלט מסורה, וואַרשע 1881.

1O. וואָרענען, מתרה זײַן (מיט דער כּוונה צו פֿאַרבעסערן). אָ, אויף דער שעדלעכקייט

-

פֿון רייכערן, פֿון שיכּורן. אָ, אויף שוואַכקייטן, אויף מיאוסע געוואוינהייטן. "אַ פֿרײַנד ווײַזט אָן אַ חסרון אונטער פֿיר אויגן, אַ שׂונא צעשפּרייט אים ווי (אַ) פֿײַל איבער בויגן", שוו

11. (אָנ)מסרן. אויסגעבן. פֿאַרשיטן. אָ, אויף דעם גנבֿ. אָ, אויף די אָנטיילנעמער אין דער קאָנספּיראַציע.

12. אָנווינקען. מרמז זײַן. געבן אָנצוהערעניש. אָ, אויף זייער נאָענטקייט. שווב פֿאַרטײַטשט 'מלל בּ. רמיזה, — "ווינקען. אָן ווײַזין".

13. איבּערשיקן, איבּערגעבּן אַ געלט־אָנווײַזונג. איבּערווײַזן. "אַסיגנירן, אָן ווײַזן, איבּר ווײַזן", יוסף מאָרשן, חנוך לנער פֿיורדא

,

תּקל,,ד.

-עכץ. —עניש.

אָנווײַזער

אָנווייזער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
-
1. ווער עס ווײַזט אָן. געפֿינען אַן אָ, פֿאַרן ריכטיקן וועג. די אָ'ין אין פֿאַבּריק. אַן אָ, בײַ גנבֿים, וואו מע קען און עס לוינט זיך צו גנבֿענען. 2. טײַטל. אָנווײַז־שטעקל. יעדער מכשיר אויף אָנצףּווײַזן. הילצערנער, בּיינערנער אָ'. זילבּערנער אָ, — יד. אָנווײַזן מיטן אָ, אין חומש. אָנווײַזן מיטן אָ, אויפֿן טאָוול, אויף דער מאַפּע. 3. אינדעקס. זוכצעטל. אַ ביבּליאָגראַפֿישער אָ'. 4. ווײַזפֿינגער. טײַטפֿינגער. צווייטער פֿינגער נאָכן גראָבּן. אַן אָ, וואָס טיקעט דיר אין פּנים אַרײַן. „אויף דער וואַנט איז אויסגעמאָלן אַ גרויסע האַנט מיטן אָ, אויסגעשטעלט“. 5. ספּעצ. וונ ־קע — געהילף פֿון אויפֿזעער □ .ן) אין אַ שקלאַפֿן־לאַגער בּײַ די נאַציס. די אָ'קע אין מײַדאַנעק.

אָנווייטיקדיק — אַדי. פּפֿ: ~ווייטאָגדיק.
1. וואָס רופֿט ניט אַרויס קיין (ווערט געמאַכט אָן) ווייטיק. אומשפּיר(עווד)יק. „... מאַכן אָנווייטאָגדיק דעם געבּורטאַקט מיט דער הילף פֿון די בּאַקאַנטע און אין דער כירורגיע בּרייטאָנגעווענדטע נאַרקאָטישע מיטלען“ פֿגעז,

וויל,

נע 2 .11 1936, No. וואָס מע האָט דערבײַ
ניט קיין פֿאַרדרוס, קיין צער. אָ'ער דעפּיציט
א'ע אַ ידה —יקייט.

.

אָנווייטיקן — ־טיק אָן, ~געווייטיקט. פּ .
.,ווייטאָגן. אוטוו — ווייטיקן אַ סך. אָ,
איבער ד אַבֿידות אין דער משפּחה. טרוו —
י
פֿאַרשאַפֿן ווייטיק. אָ, די משפּחה מיט אַזאַ
אויפֿפֿירונג.
אָנווייכן — טרוו. ווייך אָן, ~געווייכט.
1. מאַכן אַ ביסל ווייך. האַלטן אין וואַסער און
אָ, די ריטער. אָ, פֿאַרטריקנט ברויט. 2. מאַכן
אינגאַנצן ווייך. דזוו אויסווייכן, . 231.
אָנוויילן זיך — אוטוו. ווײַל זיך אָן, זיך ~

געווײַלט. גענוג, אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרווײַלן.
"זיך שוין אָנגעווײַלט. צײַט צו נעמען זיך
ווידער צו דער אַרבעט". ־עניש.
אָנוויינען — אוטוו & אַקוזוו. וויין אָן, .,,
געוויינט. 1. אַ סך, כּסדר, אַ לענגערע צײַט

ווײנען פֿאַרגיסן טרערן. אָ אַ פֿולן קאָפּ. אָ,

אַ פֿולע שטוב. אָ, (זיך) די אויגן. אָ, רויטע
אויגן. „דאָס קינד האָט מיר אָנגעװײנט אַ נאַכט
און ניט געלאָזט שלאָפֿן". 2. מיט װײנען
אָדער בעטן מיט אַ װײנענדיק קול, מיטן
צושטײן מיט טענות — עפּעס אַרױסקריגן,
פּועלן. אָ, עטלעכע קאָפּיקעס אױף צוקערקעס.
מיט ז י ך — אָ, זיך װי אַ פֿויק, פּפּ זיך אָ,
אַ האַרצפֿעלער. „אויף די הענט בײַ איר שלאָפֿט
אַ זײגעדיק קינד, װעלכעס האָט זיך גוט
אָנגעשריִען, אָנגעװײנט און איז אײַנגעשלאָפֿן",
ממוס, 'שם און יפֿת'. "איך האָב... בײַ 'גאָט
פֿון אַבֿרהם, זיך אַזוי אָנגעװײנט... עס איז
קײן דרײַער אין שטוב נישט געװען", פּרץ,
 אָלקסט, געשיכטן. „זי װעט װײנען. זי װעט
זיך קאָנען גוט אָ'!", שע, 'שוין אײן מאָל אַ
סוכּה'. —עניש.
אָנװײסן — טרוו. װײַס אָן, ...„געװײַסט.
-
1. אָנשמירן מיט װײַסער פֿאַרב. אָ, די

דיקע שיך. אָ, דעם הינטערגרונט. אָ, ס'פּנים און
אויסזען ווי אַ קלאַון. 2. אָנקאַלכן. אָ, דעם
פּאַרקאַן. אָ, די ווענט. 3 פֿאַרוויַסן.

צופּראַ.

ווען אַ מאכל (מיט אַ וויַסל פֿון אַן איי, מיט
סמעטענע אע). אָ, דעם בּאָרשט(ש). אָ, דעם
שטשאַוו. 4. אַריַנגעבּן, אַריַנטאָן וויַס
(סינקע, בּלוי) בּיַם וואַשן וועש עס זאָל
אַרויסקומען וויַסער, קלאָרער. אָ, די אייבּערהעמדער,
די טישטעכער, די ליַלעכער. אויך מיט ז י ך.
־עכץ. ־עניש.

אָנווייען — וויי אָן, ~געווייט. (פּד, פֿטמ אויך
אוקר: ווייע אָן, ~געווייעט). אוטוו —
אָנבּלאָזן. אָנטראָגן. אַ ווינטעלע ווי(ע)ט אָן און
בּרענגט ריחות פֿון וואַלד און פֿעלד. ס'האָט
היַנט אָנגעווייט אַ גרויסער שניי. געווינלעך
טרוו — 1. אָנטראָגן מיטן ווינט. די זאַווערוכע
האָט אָנגעווייעט שניי בּיַ דער טיר. „דשׂ קומט
וויא איין גוטר ווינט דר אינן אַן וועהט...",
ספֿר עולם הבּא הנקרא בּפֿי כּל ספֿר הגן,
אַמשט 1659. 2. ווירקן אויפֿן געמיט,
אַריַנבּרענגען אין אַ שטימונג. אָנהויכן. "דער

שוואַרצער פּרוכת... וויַיט אָן אויפֿן גרויסן
אַלטן בית־מדרש אַ טיפֿן טרויער און

בענק

שאַפֿט“, אַר, 'דער פּרוש,. ,,איך שטויס אָפּ
פֿון זיך דעם צער, וואָס... דעם זיידנס...
צושטאַנד האָט אָנגעווי(ע)ט אויף מיר“, הל, טאָג,
8 X l957. “די דאָזיקע רוחות שוועבן אַרום
תּמיד און ווייען אָן אַ סך גוטסקייט“, ייִש,
איבז. 3.ווירקן אויפֿן דענקען. אָ, נייַע
אידייען. ,,די גאולה־אידייע... ווערט אויך
אָנגעווייעט פֿון די מאַסיווע הלכה־געשטאַלטן וואָס
[ער] האָט פֿאַר אונדז לעצטנס אָפּגעמאָלן,,, ש.
ביקל, שרייַבער פֿון מ.ן דור I. ־עכץ.
־עניש.
אָנווייקן — טרוו. ווייק אָן, ~געווייקט.
1. האַלטן אין וואַסער אָדער אין אַן אַנדער
פֿליסיקייט ביזן ווערן ווייכער (גרייט פֿאַר
אַ באַשטימטן צוועק). אָ, (גרויסע פֿאַרשמירטע
,
שטיקער) גרעט. אָ, האַרטע לעדער. אָ, די
מאַזאָליעס (הינעראויגן, געשוואָלענע פּיס) אין
אַ שיסל הייסע וואַסער. אָ, דעם אייטערדיקן

-

פֿינגער. „ווייקט אָן די אַגאַר־אַגאַר [▯., 26]
אין אַ גלאָז הייסע וואַסער פֿאַר אַ שטונדע“,
מישולאַוו, וועגעט, קאָכבוך, נ“י 1926. „די
מאַמע האָט יענעם טאָג גראַדע געהאַט
אָנגעווייקט די גאַנצע גרעט צום וואַשן„, ה. דאָבין,
צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941.   2. ווייקן
אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ אַלט פֿאַרדאַרט
,
ברויט פֿאַר דער זקנה. אָ, חלה פֿאַר אַ קוגל.

-

אָ, קערנער, זאָמען פֿאַרן זייען. שפּאַסיק: אָ,
דעם קערפּער = זיך באָדן, שווימען אַ לענגערע
צײַט אין ים, טײַך און ניט וועלן אַרויסגיין.
3. ווייקן ניט גענוג, אַ ביסל. „דעם הערינג
דאַרף מען אויסווייקן, ניט אָ'“. „מע טאָר ניט
אָ, פֿלייש, מע דאַרף עס (אויס)ווייקן על־פּי
דין„.
מיט ז י ך — אויך: אָנזאַפּן זיך. אַרײַננעמען
אין זיך. ווערן דורכגעדרונגען. אָ, זיך אויפֿן
רעגן. אָ, זיך אין לומדות. אָ, זיך אין אידייען.

־עכץ. ־עניש.

אָנווינטשן

אָנווייקען — אוטוו. ־קע אָן, ~געווייקעט.
אַ סך מאָל זאָגן ווײ־ווײ, אָנקרעכצן, אָנזיפּצן.
אָנמאַטערן עמעצן מיט באַקלאָגן זיך. אָ, מיר
דעם קאָפּ. מיט ז י ך.
אָנוויי'רעכן — טרוו. ־רעך אָן, ~געווײַרעכט.
־
1. אַ סך אָנרייכערן, אויסרייכערן מיט ווײַרעך.
אָ, אַלע צימערן. אָ, מיט ווײַרעך עס זאָל ווערן
זיס אין מויל. 2. במקום־ווערב פּאַר
אָנשטינקען. "זיי האָבן דאַ אָנגעווײַרעכט, מע מוז
די נאָז פֿאַרשטאָפּן,,..
אָנוויבוהן — [... וויקו אַכן] טרוו. וויכוח אָן,
,
~געוויכוחט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט פֿירן
וויכוחים, דעבאַטעס. געווײנלעך מיט בײַטעם
פֿון ביטול. אָ, וועגן אַלץ און אַלעמען אין דער
וועלט. אויך מיט ז י ך.
אָנוויכערן — ־ער אָן, ~געוויכערט. אוטוו
— 1. וויכערן אַ לענגערע צײַט. 2.
אָנווילדעווען, אָנוואָיעווען. די קינדער וויכערן אָן און

דרייען איבער די שטוב. 3. אָנקומען ווי אַ וויכער. טרוו — אָנבּרענגען מיט אַ וויכער. אָ, קופּעס שניי. אָ אַראָפּגעפּאַלענע בּלעטער.

,

אָנווילדעווען — אוטוו. ־דעווע אָן, ~ געווילדעוועט. אָנבּוּיאַנעווען. זיך אויפֿפּירן ווילד, בּרוטאַל (אין אַ געזעלשאַפּט). זיך אָנשיכּורן און אָ, אויף דער שׂמחה. אויך מיט ז י ך.

אָנווילנדיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן (איז ניט מיטן) אייגענעם ווילן. אומגערנווייליק. אומווייליק. אָ, טאָן אַן אַרבּעט. אָ, אויספֿירן בּאַפֿעלן. 2. אומאַנטשלאָסן. אומאַנטשיידן. אָ'ער מענטש. ־יקייט.

אָנווינדלען — טרוו. ־דל אָן, ~געווינדלט. 1. איינוויקלען, אַרומוויקלען מיט ווינדעלעך. אָ, דאָס קינד, עס זאָל ניט קענען דישען. "וואָס האָסטו אים אַזוי אָנגעווינדלט? הײַנט ווינדלט מען ניט קיין עופֿעלעך". 2. ווינדלען אַ סך. ,,האָט אָנגעווינדלט אין איין האַלבּער שעה אַלע אַכט עופֿעלעך,, ־עניש.

.

אָנווינטן — טרוו. ווינט אָן, ~געווינט. מאַרק ווב. מאַכן עס זאָל אַרײַנבּלאָזן אַ ווינט. דורכלופֿטערן. אָ, די דעמפּע צימערן.

אָנווינטשן — טרוו. ווינטש אָן, ~געוואונטשן, אויך: ~געווינטשט. ווינטשן אַ סך. געבן אַ סך בּרכות. אָ, געזונט און פּרנסה. אָ, כּלטובֿ, אַלדאָס גוטס. אָ, מע זאָל מאריך ימים (ושנים) זײַן. אָ, פּרנסה בשפֿע. אָ, ווי דער זיידע ערבֿ יום־כּיפּור. אָ אַ פּולן קאָפּ, אַ פּול

,

היטל. "וואָס דער מענטש קען אַלץ איבערטראַכטן קען דער ערגסטער שׂונא ניט אָ',,, שון. ,,וואו תּורה דאָרט חכמה, מאריך ימים ושנים זאָלט איר זײַן ר, חיים — זאָגט דער עולם... אָ'דיק אים אַ פּולע קאָפּ,,, ממוס, שלמה. ,,און דערפֿאַר וועל איך דיר אָ,, אַז דו זאָלסט אין די קאַמאַשן ווערן אַ כּלה מיט מזל,,, בּ. בּעקערמאַנן [זבּ], דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895. ,,איז ער... אַרײַנגעגאַנגען צום רבּי, זיך געזעגענען, ער זאָל אים ווייניקסטן אָ, אַ גוטן ווינטער", י. ל. שפּיראָ, דער אידישער גײַסט, מונקאַטש 1932. ,,... זײַן מאַמעס טבֿע, ווי זי פֿלעגט אָ אָן אַ שיעור

,

-

אָנווינטשעווען

בּרכות מענטשן וואָס זײַנען געווען אין אַן ערגערער לאַגע ווי זי,,, שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿון לעבּן, מאָסקווע 1948. ,,געוואָלט נאָכלויפֿן איר האָדעוואַניק, אים אָנקושן און אָ',,, חג, צמח אַטלאַס. סאַטיריש אויך: אָנשילטן, אָנשיקן קללות. אָ, ווי אַ מאַרק־ייִדענע. מיט ז י ך — קזוו. זיך אָ, נחת פֿון קינדער און פֿון קינדס־קינדער.

־ונג. ־ע□ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.

אָנווינטשעווען — טרוו. ־טשעווע אָן, □י.., געווינטשעוועט. דזוו אָנווינטשן, נאָר מיט מער רייד. אויך שפּאַסיק. ,,אָנגעווינטשעוועט איינער דעם אַנדערן אַלדאָס גוטס,,, א. קאַרפּינאָוויטש, בּײַס ווילנעך דורכהויף, ת,,אָ 7□19. מיט ז י ך — ,,געזעגענען מיטן שוחט און זײַן הויזגעזינט און אַנווינטשעווען זיך און אַוועקגיין“, פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן.

,

אָנווינק — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנווינקען.
דזוו אָנוואונק ￼.. אַן אָ, אויף אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק.
אָנווינקונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אָנווינקען. אָנרעגונג, שטויס. רמז. אָנצוהערעניש. ,,אויפֿן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג ווערט אויך דער שטויב אַן אָ, פֿאַר לידער,,, הל, בלאַט... עפּלבויס.
אָנווינקען — טרוו & אוטוו. ווינק אָן, ~ געוואונקען (~געווינקט). 1. ווינקען צו עמעצן. געבן צייכנס מיט די אויגן. אָ, אַ מיידל. אָ, (צו) אַלע בחורים אין גאַס. אָ, צום עדות אין געריכט, ער זאָל זיך זעצן. 2. געבן אָנצוהערעניש דורך ווינקען מיט די אויגן. אָ, צום חבֿר, ער זאָל.... אָ, צום רעדנער, ער זאָל פֿאַרענדיקן זײַן רעדע.
3. סתּם מרמז זײַן. געבן אָנצוהערעניש אויף עפּעס. אָנווײַזן, לאָזן וויסן דורך אַ רמז, אָ צייכן אע. אָ, דורך אַ פֿאַבל, אַ משל. אָ, אויף דעם סוד. אָ, אַז מע דאַרף האַלטן אויף אים אַן אויג. ,,דערמיט האָבן די יונגע מינסקער גבֿירים אָנגעוואונקען אַז ער האָט פּערזענלעכע פּניות,', ליטוו. ,,די צײַט האָט אָנגעוואונקען“, מר I. ,,איך האָב פּשוט די דרייסטקייט נישט

אין זיך אַפּילו אָנצוווינקען וועגן דעם אמת„,
א. ז., אַ ודוי פֿון אַן אַקושערקע, וואַרשע 1909.
„באַטראַכטן וו אָזוי דורכצופֿירן דאָס וואָס מע
י
האָט אים אָנגעוואונקען מן השמים“, י. א.
לייזעראָוויטש דער זינדיקער, פּעטראָגראַד 1919.
4. אַרכ אָנקוקן. „מײַן לייבּש קאַן אַרקוויקן,
ווען איך אירה ליבּליכה אויגן טוא אַן בּליקן
אונ, זיא טוא אַן ווינקן, אַזו לאָז איך מיך
דונקן“, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ„ד.
מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש — „ער
האָט פֿײַנט געהאַט אומקלאָרע רמזים און
פֿאַרשלייערטע אָ'ן„, ימ, יִישפּ XX, 2. „אויך אין
תּנכישן ספֿר איובֿ איז ערגעצוואו פֿאַראַן אַן
אָ, אויף דעם טראַגישן בּין־אָדם־לחבֿרודיקן
פּינטעלע פֿון דער איובֿ־פּראָבּלעם“, ש. בּיקל,
שרײַבּער פֿון מײַן דור I.

אָנוויסן זיך — אוטוו. וויס (ווייס) זיך אָן, זיך
, געוואוסט. דערוויסן זיך, דערגיין אַ סך.
אָנוויצלען (זיך) — אוטוו. ־צל (זיך) אָן,

(זיך) ~געוויצלט. (אַ ביסל אָפּלאַכעריש) אַ
סך, כּסדר זיך וויצלען, שפּאַסן. חכמהן זיך.
אָ, זיך, דערציילן אַלטע אַנעקדאָטן.

אָנוויקל — דער. ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנוויקלען. באַנדאַזש. „זאָלן זיי דרייען דעם
שפּוליק... און זאָל דערפֿון אינעם
שפּוליקדראָט, אינעם אָ„... זיך בילדן עלעקטרע״,
ב. זשיטקאָוו, עלעקטרע אינדערהיים, קיִעוו 1930.

אָנוויקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געוויקלט.
1. וויקלען אויף עפּעס. אָנדרייען אויף עפּעס.
אָ, וואָל, באַוול אויף אַ שפּול(קע), אויף אַ
קלעצל. אָ, די רצועות אויף דער לינקער האַנט.
אָ, די אָנוטשעס אויף די פֿיס. 2. וויקלען
אָ סך. אָ, די באַלן שניט־סחורה. אָ, אפֿשר אַ
פּאָר הונדערט פּאַפּיראָסלעך, ציגאַרלעך. 3.
אָנטשעפּען. אָנהענגען. אַרומוויקלען. אָ, די פֿאָן
אַרום סלופּ, אַרום שטאַנג. 4 פֿיג.
אָנפּלאָנ.
טערן, אָנפּלוידעןן, אָנפֿאַנטאַזירן. אָ, מעשׂות
מיט סדות. אָ, איין ליגן אויף דעם צווייטן.
אָ, טויזנט און איין נאַכט. אָ, רכילות. 5. דזוו
אָנווינדלען ←. 6. לאָקל, פּאָד. דאָס וואָרט
'תּדשא, (בראשית, א, 11) פֿלעגן מלמדים

אָנהייבּ 20. י,,ה פֿאַרטײַטשן — אָ'.
מיט ז י ך — ,,איך קאָן עס גאָרנישט נאָכזאָגן, ווי אַזוי ער האָט זיך אָן מיר געהאַט אָנגעוויקלט“, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָבּיטש 1898. ־ונג.
־עכ ן. ־עניש. ־ער — מאַשין וואָס וויקלט אָן פֿעדעם. ־ערײַ.
אָנוויקסן — טרוו. וויקס אָן, ~געוויקסט.
(סטאָליערײַ) אָנפּאָליון. אָנוועקסן. נאָך אַ בּיסל אָ, דעם טיש.
אָנווירטשאַפֿטן — אוטוו. ־שאַפֿט אָן, ~ געווירטשאַפֿט. קורלאַנד. (נאָר וועגן קינדער) קאָמאַנדעווען. אָנגעבּן מעשׂים. אָנמאַכן אַ הקדש. ,,אַז קיינער וועט ניט אַכטונג געבּן, וועלן די חבֿרה אַזוי אָ אַז עס וועט ניט זײַן קיין שפּאַס,,,
,

רייד (לעפּײַ).
אָנווירען — טרוו ־רע אָן, ~געווירעט.
.
1. ווירען אַ סך. מאַכן אַ סך ליניעס מיט אַ

ווירע אויף פּאַפּיר, אַ טאָוול אאַ. אָ אַ גאַנצע
,

זײַט. 2 פּאַרענדיקן ווירען. אָ, פּאַר די
קינ.
דער בויגנס פּאַפּיר.
אָנווירצן — טרוו. ווירץ אָן, ~געווירצט. פּפּ:
~ווערצן. 1. באַשיטן, דורכמישן, אָנרײַבן,
דורכנעמען שפּײַז מיט געווירצן. אָ, דאָס זײַטל
פּלייש. 2. צוגרייטן אַ סך שפּײַז מיט
געווירצן. אָ,, אָנפּעקלען צו דער חתונה צינג(ער)
און ברוסטפּלייש. 3 פּיג. מאַכן פּיקאַנט.
.
באפּעפּערן. אָ אַ פּעליעטאָן, אַ מאָנאָלאָג מיט
,

קלוגע ווערטלעך און פּעפּערדיקע וויצן. מיט
ז י ך. ־ונג.
אָנוועבן — טרוו. וועב אָן, ~געוועבט. 1. אַ

סך וועבֿן (אָנשפּינען). אַ, הונדערטער אַרש ן
לײַוונט. 2. פֿאַרענדיקן וועבֿן. 3 פֿיג.
אָנ.

אָנוועלן זיך

פֿאַנטאַזירן. אָנמאָלן. אָ, מעשׂיות, ניט־געשטויגן
ניט געפֿלויגן. מיט ז י ך ־ונג.

.

אָנוועג — דער, ־ן. קוים אָנגעמערקטע

סטעזשקע וואָס גייט לענג־אויס אַ וועג. דאָס וואָס
איז ניט דער ריכֿטיקער וועג (הגם עס קומט
אויס צו גיין אָדער פֿאָרן אויף דעם) להיפּוך
צום באמתדיקן וועג. „און צווישן וועג און
אָ, נאָר אַ שמאָלער גראָבֿן„, סוצ, וואַלדיקס.
„די פֿערד זײַנען ווידער זײַט בײַ זײַט
אַוועקגעגאַנגען, טאַפּנדיק בלינד דעם אָ'„, ה. דאָבֿין,
בירעבֿידזשאַנ, זבֿ, מאָסקווע 1936.
אָנוועגיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
וועג. אָ'ע בלאָנדזשענישן. ־יקייט — „דאָס
איז דערפֿאַר, וואָס זי וויל פֿאַרן שרײַבער לאָזן
אָפֿן נאָר איין וועג. איינוועגיקייט איז פֿאַר
ליטעראַטור — אָ'„, שנ, ייִד, שרײַבער אין

סאָוועט־רוסלאַנד.

אָנוועגן — טרוו. וועג אָן, ,געוואויגן.
1. וועגן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, פֿונטן צוקער, זאַלץ אע. „אַלע טאָג האָט מען יעדן פֿון זיי אָנגעוואויגן צוואַנציק אָדער דרײַסיק חלקים פֿלייש„, י. מאָרגענשטערן, מעIה משני קצבֿים..., ווילנע תּרנ„ח. 2. צוגרייטן מיטן אויסוועגן, צעוועגן. אָ, פֿאַר קונים צווייפֿונטיקע טוטן צוקער. 3. פּד. אָפּוועגן. אָ, צוויי פּוד מעל אויף דער שנעלקע (אויף דעם קאַנטער). מיט ז י ך.

אָנוועזנדיק — אַדי. דטשמ. < 'אָנוועזנד, + יק. נר. וואָס איז דאָ, געפֿינט זיך אויפֿן אָרט. וואָס פֿעלט ניט. בײַגעוועזן פֿאַראַנען. , בײַ.
זײַאיק., „עס האָט שטאַרק אויסגענומען בײַ אַלע אָ'ע„. „כמעט אַלע אָ'ע האָבן געשטימט פֿאַר דעם פֿאָרשלאָג„, ־יקייט.

אָנוועזנהייט — די, ־ן. דטשמ. אָפּט געניצט אין דער פּרעסע. נר. דאָס בײַזײַן. דאָס מיטזײַן פֿאַראַנענקייט. ,בײַזײַאיקייט'. ←. דווו.

„לייענען הייסט דענקען מיט דעם אייגענעם

קאָפּ אין דער אָ, פֿון אַן אַנדער דענקענדיקן
קאָפּ,,, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I. ,,פֿאַרן
קריג האָבן זיי מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן
אין זײַן אַ,“, זש, טמז, 3 □ 1962 I. ,,איר
סענטימענטאַלער מאַן גיט איר אַ קוש אין דער אָ,
פֿון אַנדערע,,, טמז, 19 1967 I.
אָנוועזנקייט — די, ־ן. ← דפֿוו. פּרוּוו צו

□

פֿאַרבײַטן דטשמ אָנוועזנהייט. נר. אין זײַן
אָ, האָט מען.... ,,די אָ, פֿון אײַנשלעפֿערדיקע
(נאַרקאָטישע) מיטלען,,, דר, י. גלען, פֿאָר,
24 7□19 III.
אָנוועטשן — טרוו. וועטש אָן, □ געוועטשט.
פּפֿ: □י,,וועצן. אָנפֿעטסן און אָנשלײַפֿן. “די
שווערדר הבּן זי דין אַן גוועטשט און,
געש[אַ]רפֿט. דאָס אויג פֿון גאָט הוט דשׂ אַלז
גזעהן“, קינות לתּשעה בּאָב, פֿיורדא 1767.
אָנוועלגערן — דזוו אָנוואַלגערן ←.
אָנוועלן — טרוו. וועל אָן, ~געוועלט, ~
געוואָלן. פּד. אָנבּריִען, אויפֿקאָכן מילך. אָ, מילך.
אָנוועלן זיך — אוטוו, דריטפּערזאַניק. ווילט

(וועלט) זיך אָן, זיך ~געוואָלט (~געוועלט,

אָנווענד

לר). מיט אַן איר באַציארנג. 1. פּלוצעם
באַגערן עפּעס (וואָס איז שווער אָדער
אוממעגלעך צו דערגרייכן). „גענדזענע לעבערלעך האָט
זיך דיר אָנגעוואָלט“. 2. באַגערן אַ סך,
פֿאַרשיידנס. “עס ווילט זיך אים אָן אַ קאַר, נײַע
מעבל, אַ נײַ הויז — אַ נײַע ווײַב אויך?“,
רייד (נ“י).
אָנווענד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנווענדן .. אַן אומגעריכטער אָ, פֿון אַן
אַלטער טעאָריע. „ייִדיש, די שפּראַך פֿונעם
ייִדישן אַרבעטער... זאָל באַקומען אַ ברייטערן
אָ, אין לעבן“, מ. גיטליץ, פּראָזאַיִש־
געשעפֿטלעכע שפּראַך, מאָסקווע 1932. “ספּעציאַליטעט
אין דעם דאָזיקן תּחום דאַרף זיך באַגרענעצן
מיט טעאַרעטישן אויס [אָרש, אָבער נישט מיטן
רעכטלעכן אָ“, אבאָ גאָרדין, דאָס רײַע וואָרט,
ב“א 45 1959, No. אָ־מ ע ג ל ע כ ק ייִ ט —
“... פּראַקטישע אָ־מ'ן“, ש יש מאַן, ייִבל
—
.

.XI II, 64

אָנוועוּנדבאַר — אדי דטשמ, אָפּט געניצט.

וואָס מע קען אָנוועוּנדן. אָנוועוּנדלעך. ,,דער רמבּ"ם, למשל, בּאַטראַכט די אַלע געזעצן פאַר פּראקטיש אָ'ע", גרינ, איד און וועלט, נ"י 1953. ,,לאָמיר א קוק טון אויף וויפֿל... [די] טעאָריע איז אָ, צום ייִדישן ווירטשאַפֿטלעכן לעבן", הידליקמאן [נש, ישפּ 3(10)]. ־קייט.

אָנוועוּנדזלען — דזוו אָנוויאָנדזלען ←.

אָנוועוּנדלעך — אדי. נעאָל וואָס מע קען (לאָזט זיך) אָנוועוּנדן. וואָס מע קען צופּאַסן. אָ, אויך אויף.... "בּלײַבּט וו אַן איינציקער

י

אָ'ער אָביעקטיווער סימן די קריטעריע פון שפּראַך", ייִבּל X)(II ־קייט — ,,די פּראָגראַ.

מען וועלן דאַרפֿן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון פּראַקטישער אָ,", ימ, נײַע שול, נ"י 1936. ,,ד אָ, פון סטאַטיסטיק", מוו, דער וועג צו

י

אונך ער יוגנט.

אָנוועוּנדן — טרוו וועוּנד אָן, ~געוועוּנדט (~געוואָנדן). 1. ניצן אַ לענגערע צײַט, אויף

אַ סיסטעמאַטישן אופֿן. אַננעמען מיטלען. אָ,
גינציקייט. אָ, אַ גינסטיקע באַציאונג. אָ,
טעראָר. אָ, פֿײַניקונגען דער כּאַשולדיקטער זאָל
זיך מודה זײַן. „אובֿ מיר נון שוינט דאָקטוירים
און אַלי מענשליכי הילף גערין אַן גיוועט

,

העטין זוא האָט זולכיש דאַך אַליש ניקש
העלפֿין וואָלין", גה, 191. „ווען אונדזערע ייִדן
זאָלן פֿאַרשטיין, וואָלטן זיי באַדאַרפֿט אָ,
כּלהמיטל, געפֿינען אַ סגולה צו די קראַנקע
לידער באַצייטנס", ממוס, נשׂרפֿים'. "אין דער
מעדיצין ווערט די דאָזיקע קוראַציע מיט
דערפֿאָלג אָנגעווענדט אין שווערע פֿאַלן פֿון
נירנקראַנקייטן" געז, ווילנע 19 1930, No. "עס

,

ווערט ניט אַנגעווענדט דער אין קונסט־טעאָריעס
איינציק ריכטיקער אינדוקטיווער מעטאָד„, שנ,
לע ער, דיכטער, קריטיקער I.
2. אויסניצן. אָנקומען צו אַ ספּעציעלן מיטל,
אַ קונץ. אָ אַ נײַע המצאָה, אַ טריק, אַ פֿאָרטל.

,

אַ אַן אַנדער סטראַטעגיע. „מײַן האַרץ...

,
דו אלשׂ גמאכט האשׂט דשׂ איך... אַלי מאַכט אַן
װענדן זאָל פֿיל געלט און גוט אײַן צו זאַמלין“,

1516

משה אײַזענשטאט אדבֿז, דרך הישר לאַבן בּוחן, 1746. “מע האָט אָנגעװענדט אַזאַ גרױסן אַפּאַראַט אום אָפּצושטעלן אַ פּיעסע פֿון אַ ייִדישן שרײַבער“, בּעמ 3 .III. אױסניצן, בּאַניצן דורך צופּאַסן, אײַנפּאַסן, אַרײַנפּאַסן. אָ, די פֿאָרמל. אָ, דעם פּרינציפּ, די הנהגה. אָ, אַ כּלל. אָ, אַ מעטאָד. אָ, דעם אױסגעפּרוּװטן רעצעפּט. אָ, דאָס געזעץ פֿון פֿיזיק. אָ אַ פּאַראַגראַף פֿון געזעץ. דאָ

,

קען מען עס ניט אָ'. “אָ'דיק אויף אים און זײַן גלײַכן דעם פּסוק — אַל תּבֿטחו בּנדיבֿים“, ממום, שלמה “כּדי אָנצוּװענדן אַזאַ קריטעריום אין דער פֿאָרשונג...“, זשיט II ׳י, נ“י 1917. „איך אַליין האָב שוין אָפּט אָנגעװענדט די זעלבּע מעטאָדע און עס גײט אױסגעצי׳כנט“, נאד, זעקט בּיכער „אָבּער קאָן מען דאָ אָ, דעם

איסור חיתון?,,, באש ᠎אָר, 28 1960 X.

,

4. באַניצן אַ פֿיזישן, דרויסנדיקן מיטל. אוטיליזירן. אָ, אַ צווענגל, אַ שווערערן האַמער אע. אָ, די נײַע פֿראָשקעס. אָ, כּוחות איבּערצוברעכן. אָ, אַלע רעסורסן. "די לעצטע צײַט ווערן אָנגעווענדט שאַרפֿע כעמישע מיטלען וואָס גיבן די מעגלעכקייט אויסהאָרן די פֿעל זייער גיך", ה. וואולאך, האַנטביכל ᠎אר לעדער־אויס ארבעט, פֿעטראָגראַד 1922.

5. באַניצן אַן אייגנשאַפֿט, אַ גײַסטיקן מיטל אָדער בכלל עפּעס וואָס איז פֿאַראַן א י ן דעם מענטשן. זיך פֿלײַסן. זיך אָנשטרענגען. אָ, אַלע כּוחות. אָ, אַלע קרעפֿטן. אָ, פֿאַרשטאַנד, שׂכל. אָ, פֿעאיקייטן. אָ, די אָנגעזאַמלטע קענטענישן. אַ, אַ פֿאַרזיכטיקע אויסרעכענונג. "᠎ונ, וויא וואול דאשׂ ער אַלן זײַנן מיגליכן ᠎לײַס אַן גיוועגט אונ, פֿר זוכט האָט", יוסי᠎ון, אמשט 61᠎1. "אַזו איין מחזור וואו דשׂ לשון הקודש גאַר שווער פֿר איין גמיינן מאַן צו פֿאַר שטין איז, דאַרום האבן מיר גרושׂי פֿלײַס דר צו אַן גיוועגט ᠎ודנ, גוט טײַטש דר בײַא גזעצט", מחזור שלש רגלים, אמשט 1713. ,,אַל דיא

מדות דיא דר מענש אַן זיך האָט דיא גיהערט
ער צו גאָטשׂ דינשׂט אַן צו ווענדן“, חה, אמש ט
1716. “דיא יהודים האבּן אַל איר פַלײַס אַן
גווענדט אום דשׂ בּפֿעהל צו ניקשׂ צו מאַכן“,
שאַר, 1743. “דיא מיהי זוא מן אנווענדיט צו
ערלאנגן חכמה אונ, צוכט מאַכט דעם מאַן
ערקויפֿן קרונין“, ס□ר מבחר הפּנינים, הומבּורג
תצ“ט. „איך מוז אָ, אַלע מײַנע כּוחות דיר
נעבּעך, כאַטש מיט וואָס עס איז צו העלפֿן“,
ממוט, קליאַטשע.
6. ארכ פֿאַרניצן. אויסגעבּן. פֿארווענדן.
„אונ, ווען ער דענקט עשׂ [זײַן עשירות] גהערט
קיין מענש מער דער צו אַז ער, אונ, אַלשׂ אויף
זײַן עשׂן אונ, קליידן אַן ווענדט“, מחזור שלש
רגליט, אמש ט 1713. “צו דבֿר מצוה ווערט ער
זײַן געלט בּעשׂר אַן וועגטין, בּזכות זה ווערט
השי, אונז משיח זענטין“, איין שין [□.א קוריעט
שפּיל ליד, אויפֿין באך תּע“ט, שער־בּלאט.
—ונג — פּראַקטישע אָ,. אַן אָ, פֿאַר זײַן
ענערגיע. „קאַן מען מיט דער אָ, פֿון זייער
אַ קליינער קראַפֿט בּאַוועגן גרויסע משׂאָות
איבּער דער ערד“, זשיט XII. □עניש. ־ער
— “דער... סימבּאָלישער בּאַטײַט □ונעם

פֿואָנווערבעווען

רעם פֿאַר זײַנע אָ, איז דאָך דער עיקר", מוו,
דער וועג צו אונד ער יוגנט.
אָנווענדעוודיק — אדי. נעאָל וואָס מע קען
אָנווענדן. אָ'ע מיטלען ־יקייט — „אַ
פרינ.
ציפּ פֿון אוניווערסאַלער אָ'"", דווקא, 60.
אָנווענטיק — אדי. וואָס איז אָן (האָט ניט
קיין) ווענט. „די לאָמפּן אין דעם אָ'ן קאַפֿעהויז
האָבן זיך אָנגעצונדן", בּ דעמבּלין, צוויי און א
דרדטער.
אָנווענצן — טרוו. וועץ אָן, ~געוועצט. פּפּ
.,י־,ווענעוון. דזוו אָנפֿעטסן. געניצט בּיַ
שוסטערײַ: אָנשמירן מיט פֿעטס. אָ אַ פֿאָדעם.
,

אָנוועקסן — טרוו. וועקס אָן, ~געוועקסט.
פּ : י־,וויקסן. אויך: ~וואַקסן. אָנשמירן
מיט וואַקס אָדער מיט אַן אַנדער מיטל, ענלעך
צו וואַקס. אָ, די דילן.
אָנווער — דער, ־ן. 1. אַקט, פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנווערן. גרויסער (קליינער,

נישטיקער אאזוו) אָ'. אומגעריכטער אָ'. 2. היזק.
הפֿסד. שאַדן. דע□יציט. אָ, בּ□ אַ געשעפֿט. אָ,
י

□

אין וואַלד. “אין דײַן סחורה האָסטו קיין אָ,
ניט, וואָרעם דו בּאַרעכנסט פֿריִער אויפֿן סוף“,
ה קליבּאַנאָוו, קול חדש, ווילנע 1910. “וואוהין
איך קום, בּאָט מען מיר מיט אָ'“, י. א קא□
צאָוויטש, o□ יאָר לעבּן. “אָ, איז, ווי בּאַוואוסט,
אַמאָל אַ בּאַדינג צו געווינען“, נס, משפּחה
מאשבּער II.

3. אַבֿידה פֿאַרלוסט. דער טויט פֿון דעם
.
געלערנטן איז אַ גרויסער אָ, פֿאַרן לאַנד. „וועט
עס זײַן ניט נאָר אַ ייִדישער אָ', נאָר אַן
אַלמענטשלעכער אָ'“, בּ ריווקין, א גלויבּן □אר
אומגלויבּיקע. “וואָס מער די מלחמה פֿאַרציט
זיך... וועלן די ווײַטערדיקע אָ'ן פֿון די ייִדן
נאָך גוואַלדיק שטײַגן“, מוו□ היטלערס
פֿראָ□עמאָרן.

4. דאָס וואָס גייט לבֿטלה, וואָס ווערט
פֿאַרלאָרן אָן נוצן. בּאמתדיקער (כּלומרשטער) אָ'.

צ ײַ ט־אָ'. ק ר א פ ט־אָ'. 5. פֿארלירונג.

פֿאַרשפּילונג (אין אַזאַרט־שפּילן, אין ספּאָרט־פֿאַרמעסטן). מפּלה. "דער הײַנטיקער אָ, פֿון אונדזער מאַנשאַפֿט האָט אונדז עלימינירט פֿון די װײַטערדיקע פֿאַרמעסטן". „ער האָט הײַנט געהאַט דעם ריכטיקן אָ, בעתן קערטל".

6. בהדרגהדיקע פֿאַרלירונג פֿון אַ פֿעאיקייט. א, פֿון דער ראַיה פֿון דער שמיעה פֿון זכּרון.

, ,

"און אויגן ברעכן אויף דעם אָ, פֿון די כּוחות",

עק. (אין װאַס באַשטייט דער אָ, װאָס איך לײַד?", לל, אוק, 28 1964 II.

אָנװערבירן — טרוו ־ביר אָן, ~(גע)

װערבירט. 1. װערבירן א סך, אַרײַנקריגן, אַרײַנציִען אין א גרופּע, מיט עפּעס אַ ציל. אָ, אַ צאָל קאַנדידאַטן. אָ, מיטגלידער פֿאַר דער פֿארטיי. א, א מחנה פֿרײַװיליקע. 2

. — פֿאַר

ענדיקן װערבירן. ־ונג.

אָנװערבעװען — טרוו ־בעװע אָן, ~

געװערבעװעט. 1. דזװ אָנװערבירן. „זײַן שותּף... האָט שוין געמוזט אין פּאַנאַמאַ, װידער עפּעס חיל אָ'... װעט ער צוריקגיין, און װעט מיט

זיך נעמען די נײַע געווערבעוועטע לײַט פֿון

אָנווערגן

פּאַנאַמאַ,,, ח□.קל הורוויץ, צפֿנת פענח,
באַרדיטשעוו 1817. 2. אָנהורבען. אָנלייגן.
אָנפּאַקן. אָ, די זעק תּבֿואה ביז אַרויף.

אָנווערגן — טרוו. ווערג אָן, □י.,געוואָרגן (אויך:
~געווערגט). פּפֿ: ~וואַרגן. 1. ווערגן אַ
סך, דערשטיקן אַ צאָל. אָ, אַלע קעצעלעך,
פֿייגעלעך. 2. אָנכאַפּן, אָננעמען אַרום האַלדז
און ווערגן, שטיקן. אַ, דעם קעגנער און אים
אַוועקלייגן אויף די לאָפּעטקעס ־ונג ־עניש.

. .

אָנווערזען — טרוו ־זע אָן, □־,געווערזעט.

.

אוקר. 1. (גראָב) אָנמייקענען, אָנדאָסן. אָ,
אַ פֿולע שטוב, די גאַנצע פּאָדלאָגע. ,,ער האָט
אָנגעווערזעט וואָס ער האָט געגעסן מיט אַ וואָך
צוריק“. 2. וואוילינגעריש אָפּנאַרן.
אָנשווינדלען. אָ, דעם יאָלד. 3. (קלעזמער־לשון)
אָפּשפּילן ווי ניט איז (מיט אַ בלאָז־
אינסטרומענט). “ווערזע אָן דעם סאַהאַן אַ שניאָטשקע =

שפּיל אָפּ דעם מחותּן אַ שטיקל, שטעל אים
אויס סאַר אַ בלאַזן", י. טריוואַקס, 'כלי־

זמרלשון, אין: בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923.
4. (קלעזמער־לשון) אויך: זינגען, שפּילן, לאַכן,
אָפּשפּאָטן ־עניש.

.

אָנווערטיק — אדי. וואָס האָט ניט קיין
ווערט. אומווערטיק. „אָנגעשטאָפּט מיט טויטן
אָ'ן מאַטעריאַל„, א. גאָלאָמב, טאָג, 30 1967 IX.
־יקייט.

אָנווערטלען — טרוו ־טל אָן, ⃞ ...„געווערטלט.

-

.

איר. אַ סך, אָן אויפֿהער זאָגן, שיטן מיט
(גלײַכ)ווערטלעך. אָ, אַן אָוונט און קײנעם ניט
לאָזן קומען צום וואָרט. מיט ז י ך.
אָנווערטערדיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז
(ווערט אויסגעדריקט) אָן ווערטער. אָ,
איבערווינקעניש. „און זינגט פֿאַר זיך אָ, אַ זמרל",
בראָד, צאָפּלמענטשעלעך. „אָ'ער צער איז דאָ

צעאַקערט אין יעדן קנייטש פֿון טרוימערישע
שטערנס״, א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון
ליבשאַפֿט. „איך... שווײַג אויס מײַן אָ'ן
שטיינערנעם דיאַלאָג־מאָנאָלאָג״, מלך ראַוויטש, עיקר
שכחתּי, מאַנטרעאָל 1969. ־יקייט.

אָנווערטערן — טרוו ־ער אָן, י, „געווערטערט.

·

איר. אַרויסברענגען אויף גיך אַ סך ווערטער.
ריידן זייער גיך ניט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם.
ריידן זייער געדיכט. אָ, אַ רעדע דער עולם
זאָל ניט קענען כאַפּן דעם תּמצית.

אָ'נווערן — אַדי. וואָס דערבײַ (בײַ דעם)
קען מען אָנווערן. היזקדיק. אָ'ער מסחר.
־יקייט — „די אָ, פֿון דער אונטערנעמונג
איז נאָך ניט אַלעמען באַקאַנט״, מ. לעוויטאַן
און ה. קאָזאקעוויטש, איבז, פּאָליטישע
עקאָנאָמיע, כאַרקאָוו 1930.

אָנווערכעווען — טרוו ־כעווע אָן, ,
געוועה.

כעוועט. אָנלייגן, אָנשיטן, אָנוואַליען מיט אַ
ווערך, מיט אַ קויפּ, מיט אַן עודף. אָ, אַ זאַק
צוקער. אָ, אַ שקאַרמוץ צוקערקעס פֿאַר די
קינדער. אָפּוועגן אַ זאַק קאַרטאָפֿל און אָ, עס
אַזוי מע זאָל דעם זאַק ניט קענען פֿאַרבינדן.

אָנוועրכען — טרוו. ־כע אָן, ~געוועכעט.
אָנגיסן ביז איבער די ברעגן פֿון אַ כלי. אויך

1517

דזוו דפֿוו. אוצר השרשים, ח, ב, וג',
באַרדיטשעוו 1891, פֿאַרטײַטשט 'יין חמר, (תהלים,
עט, 9) — אָ, 'במדה גדושה'.
אָנווערן — טרוו. ווער אָן, ~געוואָרן, ~
געוואוירן. 1. פֿאַרלירן. אָ, אַ בײַטל מיט געלט.
אָ, אַ גאָלדן פֿינגערל. אָ, דעם חתונה־רינג. "איך
האב אַלש וואש דוא מיר גישרבן [= געשריבן]
האָשט אונ, אַנדרי זכון אַז [= וואָס] איך העט
אַן גיווארן,,, פּראָגב, 47.
2. האָבן היזק (בײַ אַ געשעפֿטלעכער
טראַני
סאַקציע). האָבן דעפֿיציט. אָ, ב־ אַ שלימזלדיקן
י
האַנדל, מסחר. ,,וואָס ווער איך אָן? אין ערגסטן
פֿאַל גיי איך אַרויס גלײַך אויף גלײַך,,. *וואָס
ווערסטו דאָ אָן? דער באָבעס ירושה? = דו
ווערסט דאָך קיין זאַך ניט אָן. מער ווי דאָס
זאָל איך (זאָלסטו אאַזוו) ניט אָ'. ,,אַ ייִד לעבט
פֿון אָ', אַ גוי פֿון פֿאַרדינען,,; ,,אַן אָרעמאַן

האָט ניט וואָס אָנצופּווערן„; „אָ, נדן און ירושה איז ניט קיין בּושה“; „ניט גענוג וואָס מע ווערט אָן דאָס געלט, רופֿט נאָך יענער נאַר“; “אַ פּראָצעס אַפֿילו מע געווינט — ווערט מען אויכעט אָן„; „אַ סך מענטשן האָבּן אָנגעוואוירן דעם טאָג אויף דער וועלט“ [ד„ה זייער איינציקן שאַנס]; “צום אָ, מוז מען אויכעט פֿאַרשוואַרצט ווערן“; „אַז מע ווערט אָן דאָס געלט הייסט מען בּײַ דער וועלט אַ חסר־דעהניק“, שוו. אָ, (בּיז) דעם לעצטן גראָשן. „מער ווי זײַן קאָפּ זאָל איך ניט אָ'“; „מער ווי דעם קאָפּ קענסטו ניט אָ',„ פֿוּל. „וואָס ווּעסטו אָ'? ווּעסט בּלײַבּן אַן אויסגעצוואָגענער,„ פֿוּל [אַזוי האָט מען געענטפֿערט אַ ישיבֿה־בּחור וואָס האָט געפֿרעגט: 'און וואָס וועט זײַן אַז די כּלה וועט מיך ניט ווּעלן?']. „דען קיין געלט איז שון דא צו אַרנערן אין חזנות אונ, שמשׂות אונ, רבּנות, האָט ער דיא נדוניא גיטאן אַן ווערן“, אַשכּנז.

„דער וואָס האָט געהאַנדלט און האָט מרווח געוועזן דער איז פֿריילעך, און דער וואָס האָט אָנגעוואָרן דער האָט חרטה“, חה, 202. „ווען עס האָט זיך צעמישט הונדערט טבֿל און נײַנציק מעשׂר... ווערט ער גאָרניט אָן„, זרעים, לד/א.

3 פֿאַרלירן וואָס עס האָט אַן אידייאישן,

.
גײַסטיקן, נשמהדיקן ווערט. אָ, די'־וועלט און יענע־וועלט. "אַז איך זאָל דיך ווידער אָ', איז מײַן לעבן בײַ מיר גאָרניט ווערט", נחב, ,מעשׂה מבערגיר והעני'. „אַ בעל־גאווה... קען זייער גרינג אָ אַלע וועלטן", נוצ, מ/א. „אַזוי ווי

,

מע קאָן אָ, עולם־הבא מיט אַ האַרבע עבֿירה, אַזוי קאָן מען אָ, עולם־הבא דורך טראָגן אום שכּת", איבז, מדרש ע◌רת הדברות, לעמבערג 2◌18.

4 פֿאַרלירן וואָס עס האָט אַ פּערזענלעך.

געזעלשאַפֿטלעכן ווערט. אָ, דעם חן בײַ מענטשן. אָ, די השפּעה, דעם אײַנפֿלוס. אָ, די סימפּאַטיע. אָ אַ גוטן נאָמען. אָ, דעם מעמד. אָ, דעם

,

קרעדיט. אָ, די פֿריִערדיקע פֿאַרבינדונגען, די באַקאַנטשאַפֿטן. אָ, די פֿרײַהייט. אָ, דאָס רעכט צו משפּטן. „אַז אָך און וויי און ווינד / איז צו מײַנע יונגע יאָרן, / אַזאַ געטרײַע ליבע / האָב איך אָנגעוואָרן" פּל. „דער געמיינער

,

אָנוועגן

פֿל אַסק האָט שוין אָנגעוואָרן דעם טראַסק,,,
י

ייִל, וועלט לוח, אַדעס תּרמ,,ג.
5 פֿאַרלירן אַ שטריך פֿון כאַראַקטער (און
.
זיך ענדערן דערבײַ אויף אַ פּאָזיטיוון אָדער
נעגאַטיוון אופֿן). אָ, די בושה. אָ, ד אַמאָליקע
י
פֿרישקייט. אָ, דעם מוט, דעם חשק. אָ, דעם
בטחון. אָ, דאָס געדולד. אָ, דעם צוטרוי צו
מענטשן. אָ, דעם גלויבן אין צלם־אלקים. ,,אַפֿילו
ווען דער חלף ליגט אויפֿן האַלדז, זאָל מען
דעם בטחון ניט אָ'", שוו. ,,אײַך קען מען
פֿאַרגלײַכן מיט אַ קבצן, אַ שלעפּער, וואָס האָט
שוין אָנגעוואוירן די חרפּה", ממוס, 'בישיבֿה
של מטה'. "די לעצטע צײַט איז ער אַ ביסל
אַראָפּ, אָנגעוואוירן דעם גלאַנץ", שע פֿונעס

יאַריד II. „אונדזער ראַבינאַט האָט שוין לאַנג אָנגעוואָרן יעדער אינדיווידועלע פֿאַרבונג", פינסקער שטאָדט לוח, תּרס„ד. „צי וועט ניט דאָס קינד דורך דער איבערמאָס קריטישקייט אָ, יענעם געפֿיל פֿון זיכערקייט“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. „אינאיינעם מיטן טאַלאַנט צום גלות האָבן מיר אויך אָנגעוואוירן די וויזיע פֿון גאולה“ אפֿא, געטראַכט מיט עבֿרי־ט .טש. „און דערפֿאַר דאַרף איך נאָך עובֿר זײַן אויף מצוות און אָ, די ייִדישע צורה, חלילה וחס?“, בּ. רעסלער, טמז, 1967 II י 8.

6. אויפֿהערן צו האָבן, פֿאַרלירן אַן אייגנשאַפֿט אָדער אַ טייל פֿון קערפּער. אָ, די ראַיה, דעם חוש־הריח. אָ, די אַמאָליקע מיידלשע כּוחות. „און אַז אַ מיידעלע שפּילט אַ ליבע / ווערט זי דאָך אָן אירע פֿאַרבן„; „זיץ איך מיר אין ווײַנגאָרטן / דער רעגן גיסט אויף מיר, / אַזוי ווער איך אָן מײַן שיינעם קאָליר“; “די פֿריילעכקייט האָסטו שוין אָנגעוואָרן / צו זיצן און צו זינגען ווי אַ שיינער סאָלאָוויי„; “זומער גייט אַ רעגן, זומער גייט אַ רעגן / און ווינטער שיט אַ שניי, אַ שניי, / מײַנע יונגע יאָרן האָב איך אָנגעוואָרן בײַ דעם פֿינצטערן געניי„ פֿל.

,,איידער מען איז מגדל אַ קינד ווערט מען
אָן דאָס געזונט‘‘, שוו. ,,חזנות האָט אויך אַ
חסרון, וואָס אויף דער עלטער ווערט אַ חזן
אָן דאָס קול — און דער האַלדז בלײַבט אים‘‘,
אבֿג, גלגול, וואַרשע תּרנ,,ו. ,,איך וועל גיין מײַן
יוגנט זוכן,... איך געדענק נאָך אַלע ערטער,
וואו איך האָבֿ זי אָנגעוואָרן‘‘, אַר, 'די יוגנט'.
,,אָנגעוואוירן האָט דײַן ברודער, נעבעך, ביידע
הענט אין שלאַכט‘‘, מלה, אין ניו־יאָרק. אָ, די
א ו י ג ן = ניט קענען מער זען, ווערן בלינד.
אָ, דאָס ה אַ ר ץ = האָבן האַרצווייטיק, גרויס
פֿאַרדראָס. אָ, דאָס ל ש ו ן = א) ניט קענען
מער ריידן; ב) זײַן אין גרויס שרעק (
פֿאַרלעגנהייט אע) און ניט קענען ענטפֿערן. אָ, די
מ ר א ה = א) אויסזען זייער שלעכט; ב) זיך
שטאַרק בײַטן אין אויסזען. אָ, די בתולים,

בתולימשאַפֿט פֿטמ אויך די בתולה. ,,ווען אַ

מיידל ווערט אָן די בתולה איז זי הפֿקר־
פעטרושקע‘‘, באש פֿאָר, 8 II 1959. אָ, דעם קאָפּ =

זיך פֿאַרלירן. ניט קענען זיך אַן עצה געבן.

7. אויפֿהערן צו האָבן וואָס מע האָט פֿריִער פֿאַרמאָגט (ווי אַ מקור פֿאַר חיונה אע). אָ, א געשעפֿט, אַ וואַרשטאַט. אָ, די שטעל. אָ, די

-

אָגווערן

הויזן = אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט. „וואָס, דאָס פֿאַרמעגן האָט ער אינגאַנצן אָנגעוואוירן?... אַזוי אַן עשירות!“, עט, סערקעלע. „אַז ער פֿאַלט, אַז ער ווערט אָן די פּרנסה און דאַרף אָנקומען צו מתנת בשׂר־ודם“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „די ייִדן, וואָס האָבן... אָנגעוואָרן זייער פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט און האָבן מער ניט געהאַט קיין אַחיזה אויף דער ערד“, ליטע, ווילנע 1919, העפֿט 2.

8. בכלל ניט פֿאַרמאָגן מער עפּעס אַן אייגנשאַפֿט פֿון אַ זאַך. די שטיוול ווערן אָן דעם גלאַנץ. „זע די שטיוול זאָלן חלילה ניט פֿאַרנעצט ווערן, וואָרעם זיי ווערן אָן דעם סקריפּ“, ייִל, כל בוניק, אַדעס 1876. „'אָ, דאָס פּעלכל,

מיינט, אַז די קאַראַקולענע קוואַליטעט פֿונעם
 !עלכל פֿאַרלירט איר ווערט״, אפֿא, איק, ר,,ה
תּשכ״ז.
9. ניט האָבן מער אַ געוויסע אייגנשאַפֿט
וואָס איז פֿריִער געווען (וועגן אַן אַבסטראַקטן
ענין). די פּראָבלעם ווערט אָן איר שאַרפֿקייט.
די ליבע האָט אָנגעוואָרן איר בּרען. די
טעטיקייט האָט אָנגעוואָרן איר פֿרישקייט. ״די
רעליגיעזע פֿראַגע האָט אָנגעוואָרן די שאַרפֿקייט,
דעם בּרען פֿון אַמאָל״, קאָר II.
1o. צולייגן. האָבן עפּעס אַ נײַעם שאָדן,
ווייטיק פֿאַרדראָס. וואָס קען איך שוין אָ'?

״לאָמיר גיין צום בעש״ט. וואָס וועסטו אָ'? איך
וועל אים בעטן אַז ער זאָל זיך מתאמץ זײַן
פֿון דײַנעטוועגן,,, שבחי בעש״ט. ״דאָך קאָן
איך זיך ניט אויפֿהאַלטן פֿון צו שרײַבן: ווײַל
איך טו דרינען ניט אָ'״, לט2, ג/א. ״ווער עס
שטעלט ניט אײַן, נעמט נישט אויס, און באמת
טאַקע וואָס האָבן מיר דאָ אָנצפֿווערן?״, ממוס,
א סגולה.. ״גוט־גוט אַרײַנגעזאָגט... — וואָס
האָב איך דאָ אָנצפֿווערן?״, שע, טביה.
11 פֿאַרשפּילן. אָ, דעם (ספּאָרט־)פֿאַרמעסט.

אָ, דעם דועל. אָ, די דין־תּורה. אָ, די שלאַכט. אָ, די שאָך־פּאַרטיע. אַ, אין קאָרטן די גרײַצערס מיט דעם גאָלדענעם זייגער. “אַ פּאַטשיקספּיטשיק אָנגעוואָרן, דעם תּחת אָפּגעפּראָרן און גאָרניט אויסגעפּאָרן“, פּוול. „דער וואָס וועט אָ, בײַ דעם דין, וועט צו אים איבּערגעקערט ווערן פּאַר אַ שׂונא“, א. י. שפּערלינג, ליקוטים I □ (טעמי המנהגים), לעמבּערג תּרס„ט.

12. לײַדן אַן אַבֿידה, אַ פּאַרלוסט (מחמת טויט). אָ אַ זייער נאָענטן חבֿר פֿרײַנד. אָ,

, ,

וועמען פֿון דער משפּחה. “האָט דײַן פֿרויא בּיקומען איין קינד, אונ קומט דיר גראַד איין מצווה צר האשׂטו איין סימן צו האָפֿן אַז ווערשׂט עשׂ ניט אַן ווערין גישווינד“, עיון, יט/ב. “דײַן שטאָט האָט פּאַרלוירן אַ גרויסע אַבֿידה, דײַן קהל האָט אָנגעוואָרן אַ גרויסן בּעל־רחמים„, ממוס, קליאַטשע. *אָ, דעם קידושבּעכער = אָ, דעם מאַן. *אָ, די קרוין פֿון קאָפּ = אָ, זייער אַ טײַערן אָדער חשובֿן נאָענטן מענטשן.

13. פּטרן, פּאַרשווענדן עפּעס אָן נוצן. אָ, צײַט מיט א נודניק. „יאָרן אַנגעוואָרן און קיין מענטש ניט געוואָרן“ □וול. “וואָרעם דער

,

1518

חולה וואָס זאָגט פֿאָר ליגנט דעם דאָקטאָר דער נאַרט קיינעם ניט נאָר זיך זעלבסט און דער דאָקטער ווערט נאָר אָן זײַן טירחא", חה, 235.
,,... אָ, הייסט, ווען מע מאַכט זיך פֿאַרגעניגן און מע הוליעט מיט באַלעווען אימער, דאַן פֿירט דער מענטש איבער גאָר זײַנע געלט אויך זײַן כּבֿוד מיט זײַן צײַט", [איבּז] נועם המוסר, ווילנע 1864.
14 פֿאַרשווינדן פֿון אונטערן אויג. ניט קע.
נען (מער) אויפֿכאַפּן מיטן אויג. אָ, דעם שפּור.
א, דעם גנ בעתן געיעג נאָך אים. אָ אַ קינד

,

אין דער בהלה. ,,שוין די פֿײַערלעך פֿאַר—שוואונדן, שוין די מילן אָנגעוואָרן... ציט דער טראַקט זיך, ווי אַ שפּיגל, גלאַנציק אײַנגעפּראָרן", יהואָש, 'שליטלענדיק'.

מיט ז י ך — "אויב ער וועט ווײַטער אַזוי
אָנגיין, וועט ער זיך אָ, אינגאַנצן", בּ. ריווקין,
ה. לייוויק.... —דנג — ,,און אויב ניט איז
עס אַ גרויס אָ', דען דאָס רירט אָן זײַן לײַב
און גוטס", לט2, יח/א. ־עכ ן. ־עניש.
 ער (־ין, ־קע).
אָנוועדעמען — טרוו ־רעם אָן, ,י־,געווערעמט.

1. אָנפּלאָדיען ווערעם. פּאַרווערעמען. אָ, די
גאַנצע שטוב. אָ, דעם קעלער. אָ, די תּבֿואה.
פּיג. "האָט אָנגעווערעמט דאָס לאַנד מיט
נאָציס", יג, טמז, 2 .20 1962 II. פּיג.
אָנשרײַבן אַן אַרטיקל אָדער האַלטן אַ רעדע און
דערבײַ באַניצן אַ ווערעמדיקע שפּראַך; ניצן
בּייזוויליקע, בּײַסיקע און מיאוסע אויסדרוקן
בּײַם שרײַבן אָדער רעדן. אָ, אַ פּאַשקוויל. אָ,
אַן אָנפֿאַל אויפֿן קעגנערישן קאַנדידאַט.
אָנווערצן — דזוו אָנווירצן. מיט ז י ך — זיך
אָנשמירן, זיך אָנרײַבן מיט (שמעקעדיקע)
געווירצן, בּשׂמים. ,,... און, דארך מײַני היפּשי
שיני גווערצונג האבּן זיך דיא לײַבּליכי
נאַטורין אַן גווערצט", בּע, כד/ב.
אָנוואָרזשען — דזוו אָנוואַראָזשען.

אַנו'טש — דער. מצ נבֿ. 1. שמאַטע.
2. (לאָקל, גראָדנע). מושבֿ. אומאָרדענונג פֿון
אָנגעוואָרפֿענע זאַכן. „אין שטובֿ איז געווען
אָנגעוואָרפֿן אַ גאַנצער אַ“. ״אין שטובֿ איז אַן אַ',
אָן אמתער חזיר־שטאַל„.
אָנוטשניק — דער, ־עס. (ווילנע. וורר).
שמאַטע־קלײַבער. אויך: אָנוצניק — „אין
מײַן קינדהייט האָבֿ איך מיך אומגעשלעפּט מיט
אַן אָ, וועלכער האָט מיך זייער געשלאָגן“, ס. ג.
מונק איבֿז, מסתּרי פּאַריז, וואַרשע 1865.
אָ'נוטשע — די, ־ס. פּפֿ: אָ'ניטשע,
אָניצע. אויך: האָניטשע. onuea,:□ <
a□ו□o] :□ □ ;a□ו□a] :□ .;ka□ □)־. 1. שטיקל
לײַוונט אויף אַרומצוּוויקלען, פֿאַרוויקלען די
פֿיס. דינט אַנשטאָט אַ זאָק. אײַנוויקלען די פֿיס
אין אָ'ס און אַרויפֿציִען די שטיוול. ״ער פֿלעגט
מאַכן פֿון וואַסער־טרעגער אַ רוסישן פֿויער אין
אָ'ס, וואָס ליגט בײַם טײַך מיט אַ פֿאָר ליידיקע
עמער“, בעמ □. ״אַרומגעוויקלט די פֿיס מיט
דיקע געוואַנטענע אָ'ס“, י. טיגער, דער צדיק
און דער בעל־תּשובֿה. „אַוועק צו דער בריק

אָנוכי

אין שאָפֿענעם פעלץ, אין אָ'ס גראָבֿע,,, אפֿא,
... סטעפּ.   2. שמוציק שטיקל לײַוונט.
שמאַטע. סטירקע. סציערקע. אויסווישן דעם טאָפּ
מיט אַן אָ'. *מאַכן פֿון עמעצן אַן אָ, = מאַכן
אים אויסצודרייען, מיט דער בלאָטע צו גלײַך.
מיט ביטול וועגן אַן אַלטער פֿרוי — "זי זעט
שוין אויס ווי אַן אָ',,. *האַלטן זיך ווי אַן אָ, =
זייער אומריין. טרעטן ווי אַן אָ, = זײַן
אומבּרחמנותדיק צו עמעצן. חושך ווי אַן אָ,.
שפּײַען ווי אויף אַן אָ'.
אַנוי'ס — אַרכ.   דזוו אַרויס. ,,וויא ער בײַא
די שמירה קומין, האבין זיא אים מעכבֿ
גיוועזין אונ, ניט וואָלין אַנויז לאזין [=
אַרויסלאָזן]", גה, 360. "דא איז דז משפּט קומן אונ
זי אנוי גנומן [= אַרויסגענומען],,, 'פֿראָגער
פֿאַמיליען מגילה,, 1732 [ייִבֿל XIII]. ,,גישפּרוכן
דז מיר קיין ממון זאָלן אַנויש פֿירן", ווינץ.
אַנוי'ף; — אַרכ.   דזוו אַרויף פֿון אָדם

הרא

,, .
שון קומט מן אויף דיא פֿיר יסודות אונ, פֿון

דיא יסודות נאָך ווײַטער אַנויף“, בּע, לד/ב. „די
תּורה איז ניט אין הימל דשׂ דוא איין לייטר
מושׂט האבּן אים צו שטײַגן אין הימל אַנויף“,
לט1, קד/ב. „אבּיר וועןֹ איך האבּ וואָלין...
אין מײַן קאַמיר גיאין, האבּ איך מוזין ד“ב

[= 2□] טרעפֿין אַנויף שטײַגין [=
אַרויפשטײַגן]“, גה, 319.
אָנוכי — [אָנויכי] דער. < שמות, כ, 2; דבֿרים,
ה, 6. 'איך'. דאָס ערשטע וואָרט פֿון די
עשׂרתהדבּרות [אָ, ה, אלוהיך — (... האַשעם
עלאָקעכאָ) דריקט אויס מציאות־הבּורא. “די ייִדישע
עטיק וואָרצלט דירעקט... אין ייִדישן גלויבּן
אין אַן איינציקן גאָט. איז עס דען אַ צופֿאַל
וואָס די צען געבּאָט הויבּן זיך אָן מיט אָ, ה,
א'?“, צײַט, טמז, 6 XI 1964. “אָ, ה, א,
פֿאַר...
וואָס בּלשון יחיד? ווײַל ניט איטלעכנס השׂגה
אין געטלעכקייט איז גלײַך, יעדער — לויט
זײַן מדרגה“, הרבֿ מאיר שוואַרצמאַן, טטז,

[24 □ 19□6.] געניצט: 1. פּרינציפּ פֿון א י ך אין
געטלעכקייט. „דען ערשטן דיבּור אָ, דו האשׂט
מאַכן הערן... דען האבּן זיא זיך זער
געפֿאָרכט“, מחזור שלוש רגלים, ח“בּ, אַמשט
1713, כד/א. “די לוחות מיט די גילדענע

אותיות צעשטערט, די אַלף פֿון אָ, וואַלגערט זיך
אין שטויב,,, נפֿתּלי גראָס [מאָל, לידער פֿון
חורבן, תּ״ש — תּש״ה, ת,,אָ 1962]   פֿאַלסט
.,,
צוריק צום אָ, מיט די ליפּן, מיט די ציין /
חלום, גאָט פֿון הימלען הויכע, אויף אַ האַרטן,
קאַלטן שטיין״, הל.
2. גרויסע, בּולטע פּערזענלעכקייט. ,,ער
מיינט אַז ער איז אַ גאַנצער אָ,״.   3. עגאָ.
גאווה. ״אָ', דער 'איך, מאַכט אַ מחיצה צווישן
איַיך און דעם רבּונו־של־עולם,, [חסידישער
איַינטיַיטש, בּאַזירט אויף ,,אָ, עומד בּין ה,
ו□יניכם״, דבֿרים, ה, 5].
אָנהייב אין אַ צאָל פֿראַזעס און זאַצן: אָ,
ערבֿנו (ומידי ת□קשנו) — [...
ערוועגנו (אומי־יאָדי טייוואַקשענו□] זאַץ. תּח.
< בּראשית, מג, 9.   'איך בּין ערבֿ פֿאַר אים

אַנולירן

(און פֿון מיַין האַנט זאָלסטו אים מאָנען)', תּי.
[דאָס האָט געזאָגט יהודה צו זיַין פֿאָטער יעקבֿ,
אַז ער קאָן אים אָנפֿאַרטרויען בּנימינען.]

געניצט מיטן בּ: איך קאַוויר, גאַראַנטיר. איך
טראָג די פֿולע אַחריות. „קאָנסט אים געבן די
הלוואָה, אָ, א, (ו, תּ')“.
אָ, הקטן — [... האַק'אָטן] פֿראַזע. 'איך
דער קליינער'. אויסדרוק פֿון מכלומרשטער
(אָדער באמתער) עניוות בײַם רעדן און שרײַבן.
„אָ, ה, בין געווען צווישן די זינדיקע (וואָס
האָט געלעכצט נאָך אַ... בּוך)„, ראובֿן ליף,
איק, 15 XII 1967. פּפּ: אַני הקטן →.
אָנוכיש — אַדי. וואָס איז מיט אַ צו
בּולטן יחידישן צוגאַנג. וואָס האָט אַ טבֿע צו
שטאַרק אַרויסצוהייבן דעם איך. אַן אָ'ע
בּאַרימערײַ. „עס איז ניט שיין צו זײַן אָ, ווען מע
דערציילט וואָס די אייגענע גרופּע האָט
דערגרייכט“. ־ישקייט — „ניטאָ קיין אָרט
פֿאַר אָ'ישקייט אין אַ וויסנשאַפֿטלעך ווערק„..
אַנול□ירן — טרוו. ־ליר, אַנולירט. < איי < ל.
מאַכן עס זאָל ווערן נול, נישט. אָפּשאַפֿן. בּטל
מאַכן. אַ, דעם אורטייל. אַ, דעם אָפּמאַך. אַ,
פּאַפּירגעלט. „... עס ווערט אַנולירט איין
קאָנטע... און געעפֿנט אַ נײַע קאָנטע„, בּ.
האַלפּערן, אַ האַנט בּוך... פֿון אַ פֿאָלקסבּאַנק,
ווילנע 1922. „חובֿות אין אַ שמיטה־יאָר האָבן
בּפֿירוש געדאַרפֿט אַנולירט ווערן“, גרינ, איד

און וועלט. „אַ פֿאָלק וואָס האָט זיך שטענדיק
געגרייסט מיט... דעם בוך... האָט געהאַט
דעם... אײַנפֿאַל צו אַ, דעם גאַנצן עצם
ליטעראַטור„, קאַר II. אויך מיט ז י ך. ־אַציע.
־ירונג. ־ירער.

אַנומלט, אַנו'מלטן — אַדוו. ־o □ ו־ni־ie :Mhd

ניט לאַנג צוריק. (אָט) דאָ ניט לאַנג. .mפֿ □ l(□
מיט אַן אומבאַשטימטער (אָדער קורצער) צײַט
צוריק. „אַ, האָב איך געהאַט אַ פֿײַנלעכע
דערפֿאַרונג“. „דאָ אַ, גיי איך אַזוי אין גאַס. טרעף,
וועמען איך באַגעגן?“. „איך בין אַנימעלטן
געווען... בײַ אַ בשׂמים־קרעמער„, יפֿ, הקדמה,
מגלה טמירין [ייִבל 7 ,XIII־8]. „איך האָב געזען
דאָס מיידל אימיסנע [= אומישנע] בשעת איו
בין געפֿאָרן אַנימילט יאָרצײַט האָבן אין שטאָט
אַרײַן„, אַ, שטערנטיכל. „הייסע שטראָמען

□

האָבן ווילד געטומלט, און געלע לאַווע האָט
געקאָכט אַ'“, יהואָש, ,פּראָלאָג'. „אַ'ן האָב איך
געוואָלט קויפֿן אַ האָן אויף שלאָגן כּפּרות“,
שע „אַ'ן האָט ער געזען זי אין חלום“, מלה,
די גאָלדענע פּאַווע. „איינמאָל איז ער
אָנגעקומען צו דעם ליים־גרוב, וואו ער האָט אַ'ן

געשטעלט זיך אַרבעטן“, אַש, משה. „ערשט
אַ, האָבן מיר דערציילט עטלעכע סוחרים„,
מאנ, נאָענטע געשטאַלטן. „אַ'ן האָט גערעגנט,
האָט מיר געקאַפּעט אויפֿן קינד אין וויגל
אַרײַן“, אפֿרים קאַגאַנאָווסקי, 'לאָקאַטאָר נומער
88'. „איך בין אַ, אין אַ זונטיק אַרויס פֿון
...
מײַן שטוב“, ש. ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I.
”הערט אַ מעשׂה ווי אַ, האָט אַ חלום מיך
צעטומלט“, אַלף כּץ, די אמתע חתונה, ז, 95.
קאָמפּאַראַטיוו, זן — אַנומלטער — „וואָס

1519

איך דערצייל איצט איז געווען נאָך אַ'“, רייד
(פֿון אַ זקן).
זן אויך אַדי. די אַ'ע געשעענישן. סוב: „פֿון
דעם ווײַטסטן אַ, ביז דעם נאָענטסטן אָט־אָט“.
אַנומלטיק — אַדי. וואָס איז געווען, האָט
פּאַסירט, איז זיך פֿאַרלאָפֿן אַנומלט. אַ'ע
באַגעגענישן. „דאָס אַ'ע איז געווען אַן
אימאַגינירטער שטורעם„, אָקרןטני, טמז, 11 ▯ 1953 II.
אַנונג — די, ־ען. דטשמ, אָפּט געניצט. 1.
טיילווײַזע, מטושטשע פֿאָרשטעלונג. אומקלאָרער

אַלגעמיינער באַגריף. קוים־קוימיקע קענטעניש, ידיעה אין עפּעס. איך האָב קיין אַ, ניט. איך האָב קיין אַ, ניט אין (פֿון) דעם. האָבן עפּעס אַן אַ, אין אַ מלאָכה. „האָסט כאָטש אַן אַ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן?„. „דער נײַער דור האָט אַ קנאַפּע אַ, וועגן אונדזערע ייִדיש־אוצרות“. „ער האָט קיין ברעקל אַ, ניט געהאַט פֿון יענע געזעצן“, זשיט III □, נ„י 1919. „עפּעס מוז זײַן אין אָט דעם וועלן שרײַבן אַן אַ', אַ שטומע אומבאַהאָלפֿענע אָ, פֿון קענען„, שנ, קריטיק און קריטיקער, ב„א 1959. „פֿון געציילטע ווערטער האָב איך באַקומען אַן אַ, וועגן מײַן פֿאָטערס קינדהייט“, באַש, מײַן טאַטנס ביתדין־שטוב.

2. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַנען ←. פֿאָרגעפֿיל, דאַכטעניש (וואָס ווירקט אויף דער שטימונג, אויפֿן געמיט). אַ טונקעלע אַ, פֿון טויט. אַן אַ אַז אָט קומט די ישועה. „נאָר

,

פֿלוצלינג וואַכט מען אויף ווי דורך אַן אַ', אַז עפּעס טוט זיך אַרום“, ווײַס, 'דער איבערגאַנג'. „מענטשן האָבן אַ טיפֿע פֿאַרבאָרגענע אַ', אַז די געל־ווײַסע שײַן איז אַן אָפּשײַן פֿון ליכט, אַ ליכט וואָס וועט קיינמאָל ניט אויפֿגיין

בײַנאַכט,,, הל, קײנעמס לאַנד. [בעת עס איז ניט שווער אויסצוקומען אָן אַ', ב1, פֿעלט אָבער דאָס באמת אַדעקוואַטע פֿאַרבײַט־וואָרט פֿאַר אַ', ב2, וואָס ווערט אָפֿט געניצט אי פּאָעטישער שפּראַך.]

אַ'לאָז — אַדי. דטשמ. נר. וואָס איז אָן שום אַנונג.

אָנונג — די, ־ ען. דזוו אַנונג, ב2. פּרוּוו צו פֿאַריִדישן דאָס וואָרט אַנונג. הל. אויך יג — פֿאַר קינדער דערמאָנונג פֿאַר קינדס־קינדער

,, — ,

קוים אַן אָ'", פֿון מײַן גאַנצער מי.

אַנוס — דער, ־ן. < איי < ל. עפֿענונג פֿון רעקטום, פּי־הטבעת. ,,די קישקע מאַכט עטלעכע

אומדרייאונגען און פֿאַרענדיקט זיך אונטן מיטן אַ',,, ש. בלום, דער בוים פֿון לעבן, נ,,י 1931. אַ'־ע פֿ ע נ ו נ ג פֿאַרברייטערונגען פֿון די

,, —

בלוטגעפֿעסן בײַם סאַמע סוף פֿון דער גראָבער קישקע אין דער אַזוי־גערופֿענער אַ'־ע',,, פֿגעז,

ווילנע 10 1936, No.

אָנוס — דער, ־ים. < נדריס, כז/א. ← אונס,
807. 1. געצוואונגענער. דער וואָס טוט עפּעס
ניט מיטן פֿרײַען ווילן, נאָר איז געצוואונגען
(דורך פֿיזישע עינויִים, טויט־סטראַשונקעס) צו
טאָן וואָס ער טאָר (וויל) ניט טאָן, אָדער ניט
צו טאָן וואָס ער וויל (איז מחוייבֿ צו) טאָן.
2. מאַראַן. „ער איז דאָך געווען אַ גבֿעוני פֿון

אַנוסים

דעם קלויסטער, אַ געוועזענער אָ'„ ימ איבּז,
שד II . . אַנוסים.

אַנוסה — [אַנו'סע] די) ־סות. < נדרים כ/ב.
פֿאַרגוואַלדיקטע פֿרוי וואָס מע האָט מאַנס
געווען. אַ,־אשת־איש. אַ, בּדעת = פֿאַרפֿירטע דורך
צודרינגלעך צושטיין. אַ, בּכּוח = מיט שלאָגן
אָדער סטראַשען. אַ'־בּתולה.

אַנוסטיק — אַדי. וואָס איז געווען, געשען
אַנוסטן. אַ'ע געשעענישן. אַ'ע שרעקן.

אַנוסטן — אַדוו. דזוו אַנומלט, אַנומלטן
(אָבער ווײַטער אין דער פֿאַרגאַנגענער צײַט).
Mhd: ie־nuo־stun((l). „דאָס האָט געמוזט
זײַן אַ'. וואָס זאָג איך? יאָ דאָ ניט לאַנג, מיט

אַ פֿינף און פֿופֿציק יאָר צוריק“, נפֿתּלי גראָס, מע▯הלעך און משלים. „פֿון די גענדז האָט גערונען אַ טײַך שמאַלץ. — נאָך בעסער ווי די גענדז, וואָס דו האַסט מיר געגעבן אַ, חנוכה?„, ע. בלאָשטיין, אַ קלאַפּ אין הויקער, ווילנע 1896. „אָבער מײַן פֿאָלק פֿון אַ, שטעלט זיך אויף פֿאַר אַ פֿײַנד„, תּי, מיכה, ה, 8. „די מומע מלכּהלע איז זיך אָ, מיישבֿ און גייט אַוועק„, מק, זעלמעניאַנער. „ער איז אַ, געווען אויף איר קבֿר„, חג, די עגונה. „אַ, האָט מײַן טראָט אין פֿריידיקן געהאַר דיך באַגעגנט אויף א פֿעלד„, סוצ, וואַלדיקס ־דיק — אַדי.

—

.

אָנוסים — די, מצ פֿון אָנוס. 'געצוואונגענע'.

1. ייִדן וואָס האָבן — אויפֿן פּירענעאישן האַלבאינדזל סוף 14טן און אין 15טן י„ה — אָנגענומען מחמת מורא אָדער אונס דעם קריסטלעכן גלויבן, און געהיים זײַנען זיי פֿאַרבליבן ייִדן; אויך די אָפּשטאַמיקע פֿון די וואָס האָבן לפֿנים וועגן אָנגענומען די קריסטלעכע נאמנה און אָפּגעהיט געוויסע פֿאָרמען פֿון ייִדישקייט. [די אינקוויזיציע (←) האָט שטאַרק גערודפֿט ד אַ.. טייל אַ, האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטי

לויפֿן קיין טערקײַ, איטאַליע, דרום־
פֿראַנקרײַך, אַמסטערדאַם און לאָנדאָן. דאָרטן האָבן
זיי זיך צוריקגעקערט בפֿרהסיא צו זייער
פֿאָלק.] „דיזע ייִדן ווערן אָנגערופֿן אין
שפּאַניש... מאַראַנען, און אין ייִדיש... אַ'„,
אמך, טויט שרעקעניש בײַא דעם ערשטען סדר,
[קעניגסבערג?]... 186. “מע ברענגט אַ, פֿאַרן
אינקוויזיטאָרס אויגן, און דורכן רוקן איז מיר
אַ פֿראָסט דורכגעלאָפֿן“, אַל 2 .I. די וואָס
זײַנען געווען געצוואונגען אין אַלע צײַטן צו
פֿאַרלאָזן די ייִדישע אמונה. „עס קען זײַן אַז
די ערשטע אַ, האָבן ייִדן געהאַט אין אַרמעניע,
אין דעם דור פֿון גריגאָרי דעם ליכטבּרענגער„,
גרינ,... טאָגבוך. 3. די וואָס ווערן
באַרויבט פֿון געוויסן־פֿרײַהייט. פּאָליטישע אַ'.
„דאָס זײַנען געווען די אומגליקלעכע אַ, פֿון
דער דײַטשישער ביקס און נאַגײַ“, מ. דוואָר
זשעצקי, איק, 1967 ◻ 26. ־דיק — אַדי.
„דיסקאָנטירנדיק דאָס פֿאַרבײַגייענדיקע אין
...
אַ'דיקע טריט... טרעט דאָס... בילד אַרויס
גאַנץ אַנדערש„, לע, טאָג, 1957 XII 21.
־ש — אַדי. „וואָס איז דער דאַנק פֿאַר אַ'ע
שעפֿער? סקילה, צי שׂריפֿה צי הרג, צי חנק?„,

הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.

אָנוס על־פּי הדבּור

-

־שאַפּט — די, ־ן. מצבֿ פֿון אַנוסים.

צוואַנ▯. ״די ייִדישע אַ, אין סאָוועט־רוסלאַנד״,
הל, צוק, 1955.

אָנוס על־סי הדבּור — [... אַל... האַדיבּער]
זאַץ. תּח. > הגדה של פּסח, בּאַזירט אויף
'וירד מצרימה, (דבֿרים, כו, 5): 'ער איז געווען
געצוואונגען (צו גיין קיין מצרים) לויט (גאָטס)
בּאַפֿעל, [רעדט זיך וועגן יעקבֿ אָבֿינו, אַז ער
איז ניט געגאַנגען מיטן גוטן ווילן]. געניצט
מיט בּבֿ: בּאַרויבּט פֿון אייגענעם פֿרײַען ווילן,
מוז אַזוי טאָן לויט אַ בּאַפֿעל אָדער אויס
מורא. ״עס איז דאָך אַ פֿאַרטיי וואָס איז אָ, ע'־
פּ, ה'״, בּצג, טמז, 1962 ▯ 9. אויך:
האַלבּשפּאַסיק: ״ייִדן, זײַט מיך ניט מקנא, אָ, ע'־פּ,
ה, — אָט אַזוי מוז איך דבּרן״.

אָנוצע, אָניצע — דזוו אָנוטשע, אָניטשע.

אַנוקאַ — אינטעריעקציע [a□y—a□:] □ □ <. סל.

דזוו אַנו', בּבֿ 1־2 □ ... אַדרבּא. פֿרוּוו נאָר. ,,אַ', פֿרוּוו מיך צו קלאָגן און מיר וועלן זען אויבֿ אַ ייִד וועט האָבּן געזעכט", קמ, 33 1864' No.

,,אַ', האָבּ איך אָנגעהויבּן צו קלערן מכּה אַנטלויפֿן", ר, אָבֿ'א מווילנא, דער פּוימאַניק, זשיטאָמיר, 1874.

אַנוקאָרשט — זוו < אַנו + אַקאָ'רשט פֿטמ

.

"אַ', קום אַהער און ווײַז וואָס דו קענסט".

אַנוריע — די. בּא. < איי < גר. (מעד) 'ניט אורין'. אָפּהאַלט אין אויסשיידן אורין, קראַנקייט וואָס טרעפֿט געווײנלעך עלטערע מענטשן און קען האָבּן פֿאַרשיידענע סיבּות.

אנוש — [ענויש] דער. בּא. < בּראשית, ד, 26.
1. נאָמען פֿון אָדם הראשונס אייניקל, דער זון פֿון שת. 2. מענטש. < תּהליס, קג, 15: ,,א, כּחציר ימיו" — דער מענטש, אַזוי ווי גראָז זײַנען זײַנע טעג. □. אָדם, 41.

אנושי — [ענושי] אדי. 'מענשלעך, [קאל ווב].

אנושיות — [ענושי־יעס] די. טצ נבֿ 1. סכום אייגנשאַפֿטן פֿון מענטשן. 2.

מענטשלעכקייט, וואַרעמע באַציאונג צום מיטמענטש. ,,דאָס
איז די העכסטע דרגא אין א, בכלל‘‘, לדב,
תשי‘‘ז, רע. 3. מענטשהייט, הומאַניזם.
אנוש מה יזכה ◌. — [ענויש מאַ ייִזקע] פּראַזע.
ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיך רעכטפֿאַרטיקן?
ערשטע ווערטער פֿון אַ פּזמון, אויסגעסדרט
לויטן אַלף־בית, אין דער היוכער
שמונהע◌רה פֿון יום־כיפּור צו שחרית. אויפֿן סמך
פֿון זײַן אינהאַלט געניצט צו באַצייכענען
נישטיקייט פֿון מענטש, פֿון זײַן מי און
מאַטערניש און אומפֿאַרמײַדלעכקייט פֿון טויט.
‘‘ער האָט געקערט אַ וועלט, אָבער א, מ, י'? —
וואָס איז פֿון א◌ם געוואָרן‘‘.
אָנזאַאיקע(נע)ן — דזוו אויסזאַאיקענען ←,
.235
אָנזאָג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנזאָגן ◌.. אַן אײַליקער אָ'. אַן אָ, צו
ברענגען אין חדר ארץ־ישׂראל־פּירות פֿאַר דער
חמשה־עשׂר־סעודה.
2. באַפֿעל פֿאַרזאָג. אַן אָ, ניט צו (האָבן)

-

.

טראָגן קיין געווער. אָ, פֿון דער רעגירונג

152()

תּיכּף צו באַצאָלן די שטײַערן. אָ, פֿון עס־עס,
ייִדן זאָלן טראָגן די געלע לאַטע. „ווען די
פּאָליציי, ווי די מלאכי־חבלה, איז געקומען צו מיר
מיט דעם אָ': אַרויס פֿון דײַן היים און

פֿונעם לאַנד!...,„ ממוס, „שם און יפֿת'. „דער
אייבערשטער האָט אים געהייסן גיין קיין נינוה
און ער, יונה, האָט זיך נישט צוגעהערט צום
אָ'“, אפּא, טמז, 5 1964 X. “ס'איז אָבער ניט
מײַן שולד! אַזאַ אָ, האָב איך! דו ווייסט, ס'איז
אַ שלעכטע צײַט“, בּ דעמבלין, וועסט סײַד, זבּ,
נ“י 1937.

3. וואָרענונג. התראָה. אַ רוף און אַן אָ'.
אַן אָ, ניט צו גיין אין גאַס נאָכן פֿינצטער
ווערן. אָ, צו ברענגען אין (צו דער) פּאָליציי
אַלע טײַערע חפֿצים, אויב ניט.... „די
מלמדים פֿלעגן באַקומען אַן אָ', זיי זאָלן... [אויף
מיר נישט הייבן די האַנט“, דא פֿון בערלין

,

בּין....

4. ידיעה. □שׂורה. שיקן אַ בּאַלדיקן אָ'. דער
אָ, האָט זיך צעשפּרייט, זיך צעשאַלט. אַן אָ,
אויף (פֿון) פֿרילינג. אַן אָ אַז די מלחמה וועט

,

בּאַלד זיך ענדיקן. „אין טרויער אין שווערן,
אין האַרטן אויף עפּעס אַן אָ, מיר וואַרטן,,,
אַר, 'אין טרויער'. “אפֿשר וועלן ווידער מיר
דערהערן דעם אָ, פֿון די קומענדיקע טעג?“,

דא, א□ הרחמים.

5. מעלדונג. מודעה. אויסקלעפּן אָ'ן אין
אַלע בּתי־מדרשים. אַן אָ אַז דער קאָנצערט

,

ווערט אָפּגעלייגט. אָ, אַראָפּצונעמען די היטלען
בּײַם דורכגיין דעם טויער פֿון דער
הייליקער.... אָ, ניט צו שפּײַען אויפֿן דיל. אָ'־
צ ע ט ל — רופֿצעטל. פּאָוועסטקע.

6. אָנדײַט. סימן, צייכן, סימפּטאָם. אָנוואונק,
רמז. דער רעגן וואָס איז אַן אָ, אויף אַ גרויס
גערעטעניש. אַן אינצידענט וואָס איז אַן אָ,
אויף אַ מלחמה. אַן אָ, אויף דער
וואונדערלעכער גאולה. “פֿון זײַן גאָרגל האָט זיך אַזש

געריסן דער אָ, פֿון דעם מאָרגנליכט דעם
זיסן,,, יהואָש, ,דער האָן און די פֿלעדערמויז'.
,,אַ צוואַנציקיעריקער שרײַבער קאָן...
אויסוואַקסן אַ גאָון, פּונקט ווי ער קאָן... בלײַבן
נישט מער ווי אַן אָ', וואָס האָט גענאַרט‘‘, צײַט,
טמז, 1964 I 12. ‘‘ווינט טראָגט אַ רמז, אַן אָ',
אַ פּחד...‘‘, סעג, קאַפּריזן. ‘‘דאָס איז געווען
אַן אָ', איינער פֿון די ערשטע אָ'ן פֿון אַשס
שפּעטערדיקן עוואַנגעליזם ..‘‘, שנ, שלום אַש.
,,אָטעמען מיט אָ, פֿון די אַלע אומהיימלעכע
און פֿאַנטאַסטישע פּאַסירונגען‘‘, ש. ביקל,
שרײַבער פֿון מײַן דור I פֿאַראַן אַן אָ, אינעם שטאָך

,, .
פֿון דערנער און מער נאָך אָ, אינעם בראָך פֿון
קני‘‘, הל, בלאט... עפּלבוים. ,,אין ייִדישן
וואָרט הערט זיך דער אָ, אויף מונטערע
קלאַנגען פֿון שײַער‘‘, האָפּ, 'אין ייִדישן וואַרט'.
7 פֿאָרויסזאָגונג. נבֿואה. ,,הלוואַי זאָל דער

שלעכטער אָ, ניט מקוים ווערן!‘‘. ,,אַזוי וועט

ה, בּרענגען אויף אײַך אַלדעם שלעכטן אָ'‟,
תּי, יהושע, כג, 15.
8. בּאַשטעלונג. דרייזין. אַן אָ'.
אָנזאָג־געלט — דאָס (די), ־געלטן, ־געלטער.
געלט וואָס מע גיט פֿאַר אָנזאָגן (בּרענגען) אַ

אָנזאָגן

גוטע פֿריידיקע בּשׂורה, ידיעה. „וואָס זאָגסטו,
צי הערסטו? וויפֿל אים צו געבּן מיינסטו? ער
איז דאָך דערויף געשטעלט, אים קומט דאָך
זײַן אָ'־ג'‟, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844,
ז, 33.
אָנזאָגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנזאָגן. אַ וויכטיקע אָ'. „שטאַרק זיך
צוהערן די שרעקלעכע אָ, וואָס איך זאָג דיך
אָן‟, נ פּאָליאַק־הילמאַן, דער נײַער
אָבּראַזצאָווער בּש, בּאַרדיטשעוו 1904. „אַלע מינים
אָנשפּאַרן פֿאַרן זכּרון און אָ'ען‟, מוו, שוואַרצע
פּינטעלעך.
אָנזאָגיק — אַדי. נעאָל. וואָס זאָגט אָן, וואָס
פֿירט דורך די פֿונקציע פֿון אַן אָנזאָגער, אַ
מבֿשׂר. „ווען נידעריק נעבּן [די דערפֿלעך

פֿלעגט דורכשנירלען דער בּאַן זײַן אָ'ן רוף“, מאָל, חשונדיקע נעכט —יקייט.

.

אָנזאָגן — טרוו. זאָג אָן, ~געזאָגט. 1. זאָגן אַ סך, פֿאַרשיידנס. “וואָס ער האָט דאָ אָנגערעדט און אָנגעזאָגט“. „ער האָט אָנגעדאַוונט און אָנגעזאָגט...“. „די אייגענע זאַך וואָס ער [דער מגיד] האָט אָנגעזאָגט אויף שיר־השירים האָט ער אַמאָל געזאָגט גאָר אויף שירת האזינו“, דער יודישער פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881.

2. מיט (דורך) רייד (אָדער אין שריפֿט) איבּערגעבּן וואָס עס איז געשען, וואָס עס געשעט. אָ, די בּשׂורה. אָ, אַ בּשׂורה־טובֿה. אָ, טאַטע־מאַמע אַ גוטע בּשׂורה. אָ אַז די סכּנה

,

איז שוין אַריבּער. אָ, אַ טרויעריקע נײַס. אַ, אַז די גאולה איז שוין געקומען — געוויינלעך איר, ווען דער אָנזאָגער האַלט אַז עפּעס איז זייער וויכטיק און גוט און דער הערער שאַצט עס ניט אָפּ אַזוי. ▯ קיין גרעסער(ן) אומגליק זאָלסטו מיר ניט אָ, = איך נעם זיך עס ניט צום האַרצן, עס אַרט מיך ניט. ▯ אָ, דורך אַ גוי — ווײַל אַ ייִד טאָר ניט אָ, קיין שלעכטע בּשׂורה.

*זאָלסט דערלעבן אָ, שענערע בשׂורות — ווען מע קומט מיט ניט קיין פֿריילעכער בשׂורה.
אָ, (די בשׂורה) אַז מע האָט געוואונען (אויסגענומען) דאָס גרויסע געווינס — געוויינלעך איר. קללה: מע זאָל אים אָ, דורך אַ גוי = אָנזאָגן אַ טרויעריקע ידיעה. „אַ שלעכטע בשׂורה האָט מען איר אָנגעזאָגט, אַ[ז] מ'אָט דבֿורהלען דערשאָסן„ פּל. “די מצורעים האָבן

,

זוכה געווען אָנצוזאָגן צו די ישׂראל די ישועה גדולה אודות די מחנה אַרם...“, נוצ II, יד/ב.
“האָט דער רבֿ... געשיקט צום גבאי פֿון גרויסן בית־המדרש אָ', אַז עס איז דאָ אַ מגיד“, יק.
„אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם יאָרצײַט, איז שימעלע מלמד געקומען אָ, אַז... איר ברודערל האָט מיט מזל אָנגעהויבן חומש“, יד, אבֿן נגף.
„ווען איך האָב באַגעגנט אויפֿן וועג האָב איך אָנגעזאָגט די בשׂורה: אונדזער קו האָט געהאַט אַ קעלבל!“, ממוס, ספֿר הבהמות „איז מען איר געקומען די גוטע בשׂורה אָ„ אַז מע האָט די ביידע ייִנגלעך געפֿונען...“, אַש, תּהילים־ד
3. זאָגן וואָס עס וועט געשען. פֿאָרויסזאָגן.
אָ אַז די גאולה קומט גאָר בקרובֿ. “אויף אָ,

,

אָנזאָגן ◌

די גוטע בשׂורה: שלום אַלע עופֿות, חיות, אויס מיט בלוט פֿאַרגיסן!", ר, מרדכילע, משלים. „דער טויט זאָגט דאָך ניט אָן די שעה ווען ער וויל דעם מענטשן עפּעס טוען", עט, לידער.

4. מעלדן. מודיע זײַן. אינפֿאָרמירן. לאָזן וויסן. באַקאַנט מאַכן. אָ, אַלע פֿרײַנד וועגן דער חתונה פֿון דער בת־יחידה. אָ, דעם עולם וועגן אַ ביליקן אויספֿאַרקויף פֿון סחורה. אָ, ראָמי (קאָרטנשפּיל). „אובֿ אחד [= אח ◌] מן ג, כּתות הדיינים ניט זעשׂין כּנ„ל, איז איר שמשׂ מחויבֿ דען פּ„ה אַן צו זאגין", תּקק. „בּין... אַהין גנגן אונ, לאשׂן אַן זאגין, איז זיא צו מיר קומן„, גה, 351. "אָ, דעם צווייטן אַז אַ שטערן פֿאַלט איז אַזוי ווי מע וואָלט אָ, דעם גרעסטן צער„, י"ז בן־אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894. „דער קצבֿ זאָגט אָן מיט דער דינסט, אַז פֿון איצט אָן, זאָל מען מוחל זײַן צולייגן צו דער אָקע פֿלייש נאָך צוואַנציק גראָשן", ממום, קליאַטשע. „אַז מע האָט זיי

אָנגעזאָגט... מע זעט שוין אַרויס דאָס לאַנד, זענען זיי אַרויס אַלע אויפֿן אייבערדעק“, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. „אין דער הייך האָבן געבלינצלט שילדן אָ'דיק דער וועלט, אַז נאָר אין די אונטערהויזן פּילט מען זיך יונג“, ב דעמבלין, ווענט סײַד.

5. דזוו ב4, אומדירעקט, פּיג, פּײַערלעך. „פֿון טיר צו טיר פֿון שויב צו שויב וועל איך זיך

,

לאָזן קלאַפּן און אָ, דעם ליכטיקן פּרימאָרגן„, הל. „איצט האָט דאָס וואַסער שוין לשון

באַקומען, פלאַפלען גענומען און רוישן, אָ', אוי□־ וועקן אַלע“, סעג, פּאָעמען. „איז דאָ עמעצער געוועז, אָנגעזאָגט מיר. פֿרילינג?“, יוסף ראָל.

ניק, גש „אַ ליכטיקער ערבֿ־שבת זאָגט אָן די בשׂורה פֿון חלה־באַקן, ליכט־בענטשן, פֿון ראָזשינקע־ווײַן„, א. שומיאַטשער, לידער.

6. פּראָקלאַמירן. אָ, מלחמה. אָ, אַ גענעראַלשטרײַק. אָ אַ קאַמפּאַניע פֿאַר.... אָ אַ קאַמף

, ,

מיט (קעגן) אָרעמקייט, קעגן אַנאַלפֿאַבעטיזם, אָפּגעשטאַנענקייט. אָ, אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. „אָ, אַ קאַמף די שילומים“, דוד פֿלינקער,

טמז, 10 3▯19 IX.

7. איבערגעבן וועגן אַן אָנקום, אַן אַוועקפֿאָרן אע אַנאָנסירן. אָ, פֿאַרן עולם דעם גאַסטרעדנער. אָ, דעם קומענדיקן נומער פֿון פּראָגראַם. „דר לאָזט זיך בײַא דען מלך אַן זאָגן וויא ער ווידר קומן איז״, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פּפֿדמ תּמ״ה?, יד/א. *אָ, מיט ליב איך אײַער גאַסט — בײַם אַרײַנקומען אין אַ שטוב און געפֿינען אַ גאַסט.

8. אָנרעדן. (אויס)דערציילן עפּעס שלעכטס. (אָנ)מסרן. ״עס איז ניט אַנדערש אַז מע האָט אויף אונדז פֿאַר אונדזער פֿאָטער רכילות אָנגעזאָגט„, א. פּאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תּקצ„ח. „און זיי זײַנען געגאַנגען צו (פּרעה) און האָבן אויף אים [אויף משהן] אָנגעזאָגט דאָס ער האָט מוזן אַנטלויפֿן„, ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר״ג.

9. אָנדײַטן. אָנווינקען. מרמז זײַן. געבן אָנצוהערעניש. אָ, מיט אַ שמייכל אַז מען איז

מסכּים. אָ, אַ נײַעם קורס דורך אָנפֿאַלן אין דער פּרעסע. ״זײַן פֿאַרזאָרגט פּנים האָט

אָנגעזאָגט שווערע צײַטן פֿאַר די ייִדן אין געטאָ“.
״שטילקייט זאָגט אָן אַז אַ שטורעם קומט אָן“,
שוו. „דער טאָג איז געווען אַ טרוקענער נאָר
אַ כמורנער... ס'האָט געצויגן אַ ווינטל וואָס
האָט אָנגעזאָגט אויף שניי“, יהושע פּערלע,
'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי, פֿון גאַנץ פֿרי
„.
אָן האָבּן זיך געטליקעט קאַווקעס און קראָען.
זייער אומרו האָט אָנגעזאָגט פֿרישן שניי“,
רחל קאָרן, ערד. „דער הימל, אַ שאַרער, האָט
אָנגעזאָגט אַ חמימה„, ש. איזבאַן, טמז, 1967
.X 11
1O. וואָרענען. מתרה זײַן. אָ, צו האַלטן
דעם סוד. אָ, די באַפֿעלקערונג ניט צו וואַרפֿן
קיין שמוץ אויף די גאַסן. אָ, די אײַנוואוינערס
זיך צו אינאָקולירן קעגן דער מגיפֿה. אָ, דעם
חולה ער זאָל ליגן אין בעט. אָ, ש אָ ך —
(שאָכשפּיל) אָ, אַז דער שאָך, דער מלך, איז
אין סכּנה. אויך (הגם די כּללים פֿון שפּיל
פֿאַרלאַנגען עס ניט) אָ, דאַמע (מלכּה) פֿאַרן
„.
טויט האָט אָדם אָנגעזאָגט: גלייבּט ניט חוהן“,
שוו. ״מײַן טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער
וועט מיך שלאָגן„, פֿל. „דער בײַא טוט ער

איהם כשם ב"ג אַן זאגין / ווערשטו ניט גלײַכ
גין פֿר הערין ווערט מן דיכ אויז פ"פ יאגין",
'בחורים ליד', פּפֿדמ 1750 [ייִבל XIII]. „זי האָט
אים זייער אָנגעזאָגט אַז ער זאָל דאָס כתבֿ זייער
היטן", נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'. "די
עכו„ם זאָל זיך ניט מתקנא זײַן, האָט ער
אָנגעזאָגט די יהודים זיי זאָלן ניט גיין אין
קיין זײַדענע קליידער און זאָלן ניט רײַטן
אויף קיין פֿערד אין די גאַסן פֿון דער שטאָט",
מעשׂה רש„י ז"ל, [סודלקאָוו? פֿאַר 1836]. „מע
טאָר ניט שטעלן אונטערן בעט אַן עסנוואַרג...
וואָרעם דאָרטן איז אַ רוח רעה. מע מוז איבער
דעם אָ, די דאָרפֿסלײַט אַז זיי זאָלן ניט האַלטן
קיין בולבעס אונטערן בעט", חא, לג/ב. „זיי
האָבן... געגאָסן אין מיר רפֿואות, אויך
שטאַרק אָנגעזאָגט אַז זומער זאָל איך
למעןהשם גיין אַ סך שפּאַצירן„, ממוס, קליאַטשע
אָ אַ פּסוק מיט אַ שטעקן = וואָרענען אַז
,
אויבֿ מע ווערט ניט אויספֿאָלגן אַ געבאָט, ווערט
מען קריגן געשלאָגן. *אָ, אַ צענטן =
באַשטראָפֿן אויף אַזאַ אופֿן אַז קיין אַנדערער
זאָל זיך ניט דערוועגן. דזוו פֿאַרזאָגן אַ צענטן.
11 פֿאַרזאָגן (ניט) צו טאָן עפּעס.

אויפֿ.

קלערן און אונטערשטרײַכן. באַטאָנען,

אַרויסהייבן די וויכטיקייט פֿון עפּעס. אָ, די קינדער

זיי זאָלן אָפּהיטן ייִדישקייט. *אָ, מכּוח אַכצן

און דרײַצן = א) וועגן אַ וויכטיקן ענין;

ב) וועגן אַלע נייטיקע פּרטים. „איך זאָג דיר

אָן, זאָלסט זיך אין דער פֿרעמד פֿירן ווי אַ

מענטש“. “איך זאָל קיין מיידן קיין עבֿירה

טאָן פֿון מורא וועגן ווען זי וואשׂ טריפֿות

מאַכט, זאָל זי דר בעלת־הבית אַן זאָגן“, עפּש,

דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק לח.

„האָט ער אָנגעזאָגט זײַנע קינדער און זײַן

משפּחה אַז זיי זאָלן תּמיד לאָקערן אויף דעם

מכשף“, נחבֿ, 'מעשׂה מחכם'. „נאָכדעם

אָנזאָגן זיך

דאַרפֿסטו אײַנגראָבן ביידע אויגן אין דער

פֿאַטשיילע און אָנהייבן איבערקוקן די ווייץ.

נאָר דאָס זאָג איך דיר אָן זהיר וזהיר

למעה“ש...“, מ. דלוגאַטש, וועלט מסודה,

וואַרשע 1881. “דאַרף מען אָנצוזאָגן די

באַהעלפֿערס וואָס וואַשן די קינדער די הענט

אינדערפֿר אַזוי צו טאָן ווי דאָ שטייט, ובֿזכות

י

זה וועלן זיי לאַנג לעבן", ספר הנהגות טובות, וואַרשע תרנ"ב. „שלמה המלך, דער גרויסער חכם, האָט בפירוש אָנגעזאָגט, 'לא לחכמים לחם'", ש. בערנשטיין, מאַגאַזין פון יודישע לידער, באַרדיטשעוו 1891.

12. באַפעלן. געביטן. אָ, מיטן האַרבן (שאַרפן) וואָרט. אָ, איין מאָל פאַר אַלע מאָל. אָ, די זעלנערס צו שטיין אויף דער וואַך. אָ, ד אַרבעטער זיי זאָלן זײַן פינקטלעך. אָ, די

י

קינדער זיי זאָלן קומען אין שול אין ריינע בגדים. אָ, די געטאָ־אײַנוואוינער זיך צוצושטעלן פינף פאַרטאָג אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. „קאָלאָמבוס... האָט אָנגעזאָגט דעם שטייערמאַן... ער זאָל ניט אַוועקגיין פון דעם רודער", חײַקל הורוויץ, צ◌נת פענח, באַרדיטשעוו 1817. "דער וואָס האָט מורא אַז מע זאָגט אים אָן, דער וועט גוט באַצאָלט ווערן", מס, משלי תקע"ד, יג, 13. „בײַ וועמען אַ שוך... האַט געפּײַפט פאַרשטאָפּט אים... [דער שוסטער]

,

דאָס מויל און זאָגט אים אָן מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל ניט פּײַפן", ממוס, ווינטשפּ.

13. אַרכ אויסזאָגן. זיך מודה זײַן ,,איינער וואָלט אויס ריכטן הן יחיד או רבּים... מסירה שרייַבן, דער איז מחויב... צו קומן צו שני ראשים... און, זאָל עשׂ אין אַן זאגין“, תּקק. ,,זג מיר נורט אַן ולוקש און, גירינג... וואו הושׂטי הין גיטון מײַן גולדן רינג“, בּבא־בּוך, .0.

־דיק — גערונדיוו. אַדי. אָ'ע חלומות. אָנזאָגן זיך — ← דפֿוו. 1. קזוו אָנזאָגן איינער דעם אַנדערן. אָ, זיו אַז עס קומט דער אויפֿזעער. “אָנגעזאָגט זיך אַשמדאַי,, ווען אַ

,

דײַטש איז אַנגעקומען“, רייד (פֿון אַ שאריתהפליטהניק). 2. דזוו מעלדן, אינפֿאָרמירן. זיך אָ, אַז מע קען ניט קומען. ,,איך האָבּ מיך אָן אים נישט אָנגעזאָגט אַז איך בּין אַוועק פֿון דער היים“, ווײַס, קנאה און תּאווה. 3. זאָגן, רעדן אַ סך און אויפֿהערן, מער ניט קענען זאָגן. ,,איך האָבּ הײַנט זיך געזנוג אָנגעזאָגט, איך קען שוין מער ניט רעדן“. ,,אָנגעזאָגט זיך, נעמט ער אַרויס פֿון אונטער דער לאַווקע זײַנע זעק“, איבּז, דער בּראַוועער סאָלדאַט שווייק, 1931.

פֿפֿ: א, זיך וו אַ פויק, ווי אַ פֿירזאָגערין

י ▯

אין דער ווײַבערשער שול, ווי אַ מגיד, ווי דער
רבֿ אום (אין) שבת הגדול, ווי אין שבת שובֿה
[ווען יעדערער זאָגט תּהילים], ווי אַ
תּהילימזאָגער, ווי אין אַ תּענית־ציבור [ווען מע זאָגט
סליחו▯], ווי צו סליחות, ווי צו נעילה, ווי צו
תּפֿילה זכּה, ווי צו די ▯ל־חטאס. אָ, ▯יך ווי
מיט פֿיוט. אָ, זיך ווי דער לאַנגער והוא־רחום,
ווי תּחנון. אָ, זיך ווי (בײַ) אַ שווער האַרץ.
אָ, זיך ווי אָבֿינו מלכּנו. אָ, זיך ווי אַן

אָפּשפּרעאָנזאָגער

כערין, ווי אַ שפּרעכער, ווי אַ בעטלער, ווי אַ
גויע מיט פּאַטשערקעס. איך האָב זיך שוין
הײַנט אָנגעזאָגט (תּהילים). “עסן עסט איר
קרענק אָבער זאָגן — זאָגט איר זיך אָן, ווי
אַ פֿויק אי פֿאַרן עסן, אי נאָכדעם”, ממוס,
'בישיבֿה של מטה'. „האָט מען זיך יום־כּיפּור

▯

אָנגעדאַוונט און אָנגעזאָגט ווי אַ פֿויק”, אפֿאַ,

טמז, 7 5□19 X.

־עכ□ן. ־עניש — „מײַן קינד, אַז דו
װעסט מײַנע רייד אָננעמען, און מײַנע אָ'ן זיך
רעכט אין זין אַרײַננעמען“, מס, משלי תּקע״ד,
ב, 1.

אָנזאָגער — דער, ־ס. װנ ־ין, ־קע, ־ס. װער
עס זאָגט אָן. מבֿשׂר. אַן אָ, פֿון נײַע
שטרעמונגען. „האָט דער אָ, ['מב□ר□]. געענטפֿערט און
געזאָגט“, תּי, שמואל א, ד, 17. „דעם אָ, פֿון
בשׂורות, גאָט מײַן הער, אליהו הנבֿיא שיק
אַהער“, ממוס, זמירות “חודש אָדר איז דער
אָ, פֿון דעם בּיאַת פֿרילינג“, ממוס, שלמה.
„דאָס דערנענטערן זיך פֿון דער געבֿורט האָט
אירע אָ'“ □געז, װילנע 21 '1931 No. „אַז
,
מנוחה האָט שוין אָטפּראַװעט די אָ'קעס, גייט
זי אַרײַן אין שפּאַלנע“, ש. בּ[עקערמאַן], דיא
גוטע פֿרויא, װילנע, יאָר? „דײַן אָ, בּין איך, דײַן
פֿאָרגייער בּין איך, דערנענטער די שעה פֿון דײַן
קומען“, הל, גאולה־קאָמעדיע. “װאו ניט װאו
אַן אָ'ין אַ פּאַלמע, און ענדלעך זומער —
קאַליפֿאָרניע“, דא □ון בּערלין בּיז ־עריי.

□ .... —

־עריש — אַדי. „די ציַיט... שמעקט סימבאָליש און וואָרנט אָ'“, ש. ביקל, טמז, 1953 27 II. ־ישקייט — „קלאַפּן די בלעכענע קאַנען אין דער וויַיטקייט פֿון דער גאַס מיט הילך, מיט אָ',„ סעג, מיַינע זיבן יאָר אין תּלאָביב, ב„א 1947.

אָנזאָט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אָנזאָטן, אָנזידן. 2. דאָס וואָס בלייַבט נאָכן אָנזאָטן, אויפֿקאָכן אין אַ כּלי אויפֿן דנאָ (אויף די ווענטלעך). פֿיג. „דער אָ, אויפֿן טיַיך האָט אויסגעזען ווי שלאַק“, פּמ, מלחמה II, ז, 325.

אָנזאָטלען — טרוו ־טל אָן, ,געזאָטלט.

1. אַרויפֿטאָן אויף אַ פֿערד (אַן אייזל אע) אַ זאָטל. אָ, דעם שימל, די קל אַטשע. „אַבֿרהם] י

האָט אָנגעזאָטלט זיַין אייזל“, תּי, בראשית, כב, 3. „אַבֿרהם זאָטלט אָן אַ קעמל פֿון זיַינע קעמלען און פֿאָרט אין דער מדבר צו זוכן זיַין זון ישמעל,„ מעtה פֿון אַבֿרהם אָבֿינו. 2. אָנטאָן זאָטלען אויף אַ צאָל. אָ אַלע פֿערד

,

און אַוועקרײַטן. 3. אַרויפֿלייגן אַ יאָך (איר בײַטעם). אָ, דעם כּלל־טוער מיט געזעלשאַפֿטלעבער אַרבעט.

4. (שפּאַסיק) במקום־ווערב פֿאַר אָנטאָן, אַרויפֿזעצן, אַרויפֿפּאַסן אַ זאַך אויף עפּעס (ווײַל די טואונג איז ענלעך צו אָנזאָטלען). אָ, דעם קאָרסעט. „אויפֿן האַלדז האָט ער אָנגעזאָטלט אַ קראַגן מיט אַ שניפּס“, בערג, בײַם דניעפּער II. ספּעצ וועגן אָנטאָן ברילן. "דער ייִד האָט... אָנגעזאָטלט די פּענסנע אויף דער נאָז, גענומען לייענען“, אָפּאַ, אַרוס די חורבֿות.

1522

„האָט ער אָנגעזאָטלט די נאָז מיט אַ פּאָר משונה־מאָדנע ברילן“, שע אָרעמע און פֿריילעכע II. „דער אַלטער יאַס האָט אָנגעזאָטלט די שפּאַקולן אויף דער מילציק־בלויער נאָז“, הר, הרודעס. „אָ, אויף זיך שוואַרצע גלעזער“, י. זעליטש, אויפֿן שוועל, יאַנ.־פֿעב. 1964. 5. במקום־ווערב פֿאַר טאָן עפּעס אויף אַן אומגעלומפּערטן און אומגעהובלטן אופֿן. „האַלטנדיק אין די אָרעמס די בײַטש, זאָטלט ער איר אָן אַ גראָבן קוש אויף דער באַק“, אַש, אַ שטעטל.

6. אָנבּינדן. אָנהענגען. אַרויפֿצווינגען. „די פּרײַע לאָגיק האָט אויך דאָ אָנגעזאָטלט אַ פּרינציפּ און איז אויך דאָ דערשפּרונגען בּיז צו אַן 'איזם, וואָס האָט נאָך דערווײַלע ניט געפֿונען זײַן נאָמען“, זשיט III, נ„י 1912.

מיט ז י ך — אָ, זיך מיט אַ פּאָר בּרילן.

אויך: זיך אָנבּלאָזן. ווערן בּרוֹגז. ־ונג. ־עניש.

אָנזאַטן — טרוו. זאַט אָן, ~געזאַט. דזוו אָנזעטיקן ←. געוויינלעך מיט ז י ך — אָ, זיך און ווערן פֿויל און שלעפֿעריק פֿיג. אָ, זיך

-

.

מיט דער שיינער נאַטור. אָ, זיך פֿון (מיט) אָנקוקן קונסטבּילדער.

אָנזאָטן — זאָט אָן, ~געזאָטן. טרוו — אַנזידן. אָנקאָכן. אויפֿקאָכן. אָ, וואַסער, פֿעך, סמאָלע. 2. אָנכּעסן אויפֿרייצן. אָנצינדן. אויפֿרעגן. אָ, עמעצן. אוטוו — אויפֿגעקאָכט ווערן, שטאַרק אין כּעס ווערן. געוויינלעך מיט ז י ך. אָ, זיך און ווערן רויט ווי צונטער. „דאָס בּלוט האָט אין אים אָנגעזאָטן און ער

איז גרייט צו הרגענען“.

אָנזאַלבן — טרוו. זאַלב אָן, ,געזאַלבט.

1. אָנשמירן, אָנרייַבן מיט (אַ) זאַלב. אָ, דעם קערפּער. 2. אָנשמירן מיט זאַלב אַ צאָל. אָ, אין עטלעכע שעה 20 קערפּערס. ־ונג. ־עניש.

אָנזאָל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָן, ~געזאָל(י)עט.

1 פֿטמ. אַרײַנבּרענגען, אַרײַנפֿירן עמעצן אין .

אַ געדריקטער שטימונג. מאַכן עמעצן שווער דאָס געמיט. צוזאַלצן; צושיטן זאַלץ אויף אַן אָפֿענער וואונד. אָ, דעם חבֿר. 2. אָנפּישן (נאָר וועגן בעלי־חיים, ספּעצ וועגן פֿערד). דער סוס האָט אָנגעזאָליעט אַ לוזשע.

אָן זאַלץ און אָן שמאַלץ פֿראַזע אויך

-

מיטן צוגאָב: און אָן פֿעפּער. אָן טעם; ניט־געראָטן. וואַס עפּעס וויכטיקס (

אינטערעסאַנטס) פֿעלט אין דעם. אַ בוך אָן ז, א, אָן ש'.
אַ פּיעסע אָן ז, א, אָן ש'. אַ מויד אָן ז, א אָן

,

ש'. אַ חתונה אָן ז, א, אָן ש'.
אָנזאַלציק — אַדי. 1. וואָס איז אָן זאַלץ;
האָט ניט פֿאַרמאָגט ניט קיין זאַלץ. אָ'ע שפּײַזן.

,

אָ, וואַסער. 2. וואָס מע טאָר דערבײַ (אין
דעם) ניט באַניצן קיין זאַלץ. פֿאַרשרײַבן אַן
אָ'ע דיִעטע. „בײַ שטרענגער אָ'ער קוראַציע
דאַרף אויך ברויט זײַן געבאַקן אָן זאַלץ“,
פֿגעז, ווילנע 8 1933' No ־יקייט.

.

אָנזאַלצן — טרוו & אוטוו. זאַלץ אָן, ~
געזאַלצט. 1. אָנשיטן, באַשיטן (אויף עפּעס)

אָנזאַמלונג

זאַלץ. באַזאַלצן. אָ, די המוציאס ברויט מיט
שמאַלץ. אָ אַ זײַטל פֿלייש בײַם כשרן. „עס

שוויבלט און גריבלט די אָזערע מיט ישן, מע
וואָלט געקענט אָ, און אויסווענדזלען אויפֿן

ווינטער", שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פֿון לעבן, מאָסקווע 1948. *אָ, אויפֿן עק = ניט קענען יענעם טאָן עפּעס, כאַפּן, באַשטראָפֿן.
„.— מאַמע! אַ זלידנע פֿליג פֿליט אַרום איבערן שטוב. — זאַלץ איר אָן אויפֿן עק, וועסטו זי כאַפּן". ".— למאַי האָסט אים געלאָזט פֿאָרן אַזוי וויַט? — איר האָט אים געזאָלט אָ, אויפֿן עק", שע. „— וועט ער דיר אָ, אויפֿן עק! ווייסטו אַז מיר פֿאָרן אַזש קיין בוקאַרעסט, בהמהלע?„, שע, בלאָנדזענדע שטערן I. "וועט ער דיר אָ, אויפֿן עק", פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן. אָ, דעם

,

קאַנטשיק = מאַכן די שטראַף נאָך האַרבער.
אָ, אין די אויגן = זאָגן אַ גראָבן ליגן.

2. פֿיג. מצער זײַן, ערגערן, ווײ טאָן עמעצן. פֿאַרשאַפֿן עמעצן צער, עגמת..נפֿש. אָ, (א ו י ף)

▯

די אָפֿענע וואונדן. "ער האָט אונדז גוט אָנגעזאַלצן אויף אונדזער געמיט„, יג, טמז, 1963 .X 20

3. איבערטרייַבן מיטן פּרײַז בײַם פֿאַרקויפֿן, אָנבאָטן עפּעס. שטעלן אַ צו הויכן פּרײַז.

באַרײַסן. אָ, אַ פ ר ײַ ז , אַ מ ק ח (פֿאַרן שטיקל מאַנופֿאַקטור). אָ, פֿאַר צוגעלעגענע סחורות, 〿אַר די צוגעפֿוילטע עפּל. "צוטרעטן צו אים
-

גלײַך און אָ, אים אַ מקח, אַז דער רוח זאָל אים נעמען", שע, בלאָנדזענדע שטערן I.
4. אָנמסרן. פֿאַרמסרן. פֿאַרשיטן. אָ, פֿאַרן רבין אויף די חבֿרים. אָ, אויפֿן שכן. 5. אָפּנאַרן. אַנטוישן. „היט זיך, מײַן זון פֿאַר אַ זיסן —
,
מענטשן וואָרעם ער קען דיר אַמאָל אָ',,, דער קליינער כּל בּוניק, זבֿ, אַדעס 1885. 6. אָנלערנען. אָנמוסרן. באַשטראָפֿן. אַזוי אָ, אַז מע זאָל מער ניט וועלן ניצן זאַלץ. "רבֿ יעקבֿ האָט זינט דענסטמאָל אויף דער אַסיפֿה זיך געגעבן דאָס וואָרט בלי־נדר אָנצוזאַלצן בנימינען, אַז אייביק זאָל עס אים ליגן אין טעם", ממוס, 'ד אַלטע מעשׂה, ־ונג ־עניש.
' . .
אָנזאַמדיקן — טרוו. ־דיק אָן, ~געזאַמדיקט. אויך: ~זאַמדן. אָנוואַרפֿן, אָנשיטן זאַמד. באַשיטן מיט זאַמד. אָ, די דילן, די סטעזשקע.
. 〿ונ—

אָנזאַמל — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנזאַמלען (זיך). אָ, פֿון וואַסער אין

רעזערוואואַר. אָ, פֿון תּבֿואה אין שײַערן. אָ,
פֿון קאַפּיטאַל. אָ, פֿון חכמה, תּורה, וויסן.
„פֿאָעטישער אָ',„ א״א, טמז, 14 1962 X. „
געקומען מיט... אַן אָ, פֿון ייִדישע רייד, וואָס האָבן
זיך געלאָזט בייגן און קנייטשן“, יג, איק,
2 .8 ״1958 III. קאָנצענטראַציע.
קאָנצענטרירונג. אָ, פֿון דיוויזיעס אויף דער גרענעץ. אָ,
פֿון נײַע קאַדרען. אָ, פֿון כּוחות. 3. געזעמל.
רעדל. אָנגעלאַף. צוזאַמענקום. אַן אָ, פֿון
מענטשן אויפֿן ספּאָרטפּלאַץ. אָן אָ, בײַם
אַרײַנגאַנג צום טעאַטער.
אָנזאַמלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנזאַמלען (זיך). אָ, פֿון פֿאַרמעגן,

אָנזאַמלען

פֿון קאַפּיטאַלן. „שטרעק אויס דײַן האַנט
אויף... אַלע זייערע אָ'ען פֿון וואַסער„, תּי,

שמות, ז, 19. "די אוצרות [ליטעראַטור]
ינקלען ווי אַן אָ, איידלשטיינער,,, לע, טמז, 1955
.IX 21

אָנזאַמלען — טרוו. זאַמל אָן, ..,געזאַמלט.

1. בהדרגה, במשך אַ לענגערער צײַט אָנקלײַבן, אויפֿקלײַבן, אײַנזאַמלען אַ סך, אַ גרעסערע צאָל. אָ, פּאָסטמאַרקעס, זעלטענע מטבעות. אָ, קונסטבילדער, אַנטיקן. אָ, אַלטע כּתבֿ־ידן. אָ, אַ קאָלעקציע. אָ, ווערטער און ציטאַטן פֿאַרן ווערטערבוך. אָ, לעבנס־דערפֿאַרונגען. ,,אויך גאָלד און זילבער האָב איך מיר אָנגעזאַמלט", מס, קהלת תקע,,ט, ב, 8. ,,בקיצור זיי האָבן אָנגעזאַמלט אוצרות גאָלד,,, י. מאָרגענשטערן, מע ה משני קצבים..., ווילנע תּרנ,,ח. ,,ייִדן לעבן דערעיקר מיט גײַסט און אַז זייער הויפּטשטרעבונג איז אָנצוזאַמלען קולטורעלע ווערטן,,, לע, טמז, 7 1964 X.

2. צוזאַמענעמען, צונויפֿנעמען. קאָנצענטרירן. צונויפֿזאַמלען. אָ, אַן אַרמיי און אַטאַקירן די שכנותדיקע מדינה. אָ, אונטערשריפֿטן אויף צו דערלאַנגען אַ פּעטיציע. ,,דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט האָט געוויס אָנגעזאַמלט ניט וויניק פֿאַקטן וואָס פּאַסן צו דעם קאָסמאָפּאָליטישן

געדאַנק,,, זשיט, □I, נ,,י 1912. ,,אָ, כּוחות פֿאַר דעם נײַעם טאָג וואָס בּרענגט נישט קיין גליק און קיין פֿרייד,,, נאַד, זעקס בּיכער.

3. אָפּשפּאָרן. אָנגרייטן. אָ, אַ פֿאַרמעגן. אָ, אַ האָבֿ־און־גוטס. אָ אַ קניפּל אויף די עלטערע

,

יאָרן. אָ, אין קעלער קאַרטאָפֿל און האָלץ אויף ווינטער. שפּאַסיק: אָ, אַ היפּש בּיסל חולאתן. ,,אָט דאָס קניפּל האָבֿ איך אוספּייעט אָ, אונטער מײַן ווײַבֿ פֿאַר דער גאַנצער צײַט וואָס איך האָבֿ פֿאַר איר חתונה געהאַט,,, ממוס, מסעות. ,,האָט גענומען איבּערציילן דאָס געלט וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין קאַסטן,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט.

מיט ז י ך — ,,ווען ער שבֿחות וּבֿרכות זאָגט און עס זאַמלט זיך אָן שפּײַעכץ אין זײַן מויל, זאָל ער ניט זאָגן בּיז ער אויסשפּײַט,,, איבּז, ספֿר חסידים, ווילנע 1819. ,,האָט זיך אָנגעזאַמלט אַרום אַלטן אַ רעדל קליינע קינדער“, יהואָש, 'ערד,. ,,עס האָט זיך אַזוי אָנגעזאַמלט צו פֿיל קענטעניש, אַז מע זאָל עס אַלץ געדענקען אויף אויסנווייניק,,, ס. פֿײַנסטאָון, כעמיע, נ“י 1920. ,,און אַזויערנאָך, טראָפּן נאָך טראָפּן, האָט זיך אין... האַרץ אָנגעזאַמלט

ביטערניש,,, שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס משפּט,.
־עכ␣ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) — ,,
נאַציאָנאַלע ␣אָרעם איז די אָ'ין און
אויספֿלייצערין פֿון ענערגיע,,, בּ. ריווקין, גרונט־
טענדע␣צן.... ''לויט דער אַלגעמיינער
אָמנעסטיע... קען מען די אָ'ער פֿון 'שוואַרצן,
קאַפּיטאַל ניט משפּטן,,, טמז, 9 1967 XI.
אָנזאַמען — דזוו אָנזוימען ←, לר. אויך מיט
ז י ך.
אָנזאַפּאַ'סעווען — טרוו. ־סעווע אָן, ~(גע␣־

זאַפּאַסעוועט. סל. אָנגרייטן. מאַכן אַ גרויסן
אָנגרייט. אָ, בּולבּעס אויפֿן גאַנצן ווינטער.
אָנזאַפּן — טרוו. זאַפּ אָן, ␣..,געזאַפּט. 1.
איַינטונקען עפּעס אין פֿליסיקייט און מאַכן עס זאָל
אַרײַננעמען, אַרײַנציִען אין זיך. מאַכן עס זאָל
דורכנעמען ווערן מיט עפּעס. אָ, אַ שמאַטע
מיט קעראָסין. אָ אַ שוואָם מיט זייפֿוואַסער.
,
אָ, דעם מאַנטל מיט פֿראָסט, מיט קאַלטער
לופֿט. אָ, מיט שימל, מיט טוכלע. אָ, די ערד

מיט בלוט, מיט שווייס. „פּאָנאַר האָט
אָנגעזאַפּט אין זיך דאָס בלוט פֿון די ווילנער ייִדן,..
„אָ, [דאָס האָלץ] מיט פֿליסיקייטן וואָס פֿאַר
היטן עס פֿון פֿוילן“, ל. זאַמעט, ייִשפּ XX, 3.
“אין לענדער... אין געגנטן וואָס [די ייִדן]
האָבן אָנגעזאַפּט מיט זייער שווייס, מיט זייערע
טרערן און בלוט“, גרינ, איד און וועלט.
„אײַערע צעפּ   פֿון גאָלד. זיי האָבן פֿון אַלע

-

זומערס אָנגעזאַפּט די שײַן,,, יעקבֿ פֿרידמאַן,
פּאַסטעכער אין יע)ראָל, ת“אָ 1953, ז, 56.
2. אַרײַנציִען. אַרײַננעמען. אַרײַנאָטעמען.
אינהאַלירן. אַרײַנדרינגען. אָ, פֿרישע לופֿט אין
די לונגען. „די קאָבילע האָט אויסגעצויגן איר
בויגיקן האַלדז, אָנגעזאַפּט מיט די נאָזלעכער
דאָס בענקעניש פֿון דער נאַכט,,, אָפּאַ, 863 1.
3. איבערנעמען. אַבסאָרבירן. אָ, קולטור. אָ,
שיינע מאַנירן. אָ, אַ געשמאַק אין קונסט. אַ,
נײַע פֿרעמדע אידייען. אָ, גוטע (שלעכטע)
,

מידות. אָ, די שׂנאה און האַס פֿון דער אַרומיקער פֿאַרדאָרבענער סבֿיבֿה.
מיט ז י ך — אָ, זיו מיט אײַנדרוקן. „אין דעם זכות פֿון דער תּורה מיט וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט אין דער יוגנט,„ ממוס, אַ גרויע האָר'. „איר האָט פֿאַרקערט מיט ייִדן
,

און האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט ווערטער,„ שע, פֿון צוויי וועלטן. „אין חדר האָט זיך דאָס קינד אָנגעזאַפּט מיט די ספּורי־מעשׂיות פֿון דער הייליקער תּורה“, לדבֿ, נ„י תּשי“ז. „זיך אָנגעזאַפּט מיט חסידות, מיט תּורה, און מיט נגינה„, הרבֿ י. י. זיכערמאַן, נחלת יעק, נ“י תּשכ„ט.
־ונג. ־עכן. ־עניש.
אָנזאַפּטיקן — טרוו. ־יק אָן, ...„געזאַפּטיקט. אָנפֿילן מיט זאַפֿט. אַרײַנגעבן, אַרײַנטאָן זאַפֿט. מאַכן עס זאָל ווערן זאַפֿטיק. אָ, פֿלייש מיט אַ סאָוס. אָ, די באַבקע מיט ראָם. אָ, די ערד. פֿיג. אָ אַ רעדע מיט וויצן. אָ אַן אַרטיקל
, ,
מיט אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. „דאָס געפֿיל האָט באַפֿרוכפּערט זייער געדאַנק און

אָנגעזאַפּטיקט זייער געבּיין", ייִש. מיט ז י ו.
־ונג. אויך: ~זאַפּטן (זיך) — „און דאָ
וועט זיך עס די ערד ווײַטער אָ, מיט פּריש,
הייס־מענטשלעך בּלוט, און יודישעס
איבּערהויפּט!", ייִל איבּז, ג. לעססינג, נתן החכם,
אַדעס 1884.
אָנזאַץ — דער, ־ן. דזוו אָנזעץ ←. 1.
בּאַנקראָט. „אַן אַלטערטום־פּאָרשער מיט אַ
פּאַרמעגן, מיט אַ זין מאַכט אַ מיאוסן אָ, און בּאַלד
אַ ויבּרח — אַהין„, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן
1894. 2. (דרוקאַרבּעט) דאָס וואָס איז
אָנגעזעצט. „אַ צו געדיכטער אָ'. מע דאַרף
איבּערזעצן דעם אַנאָנס„, רייד (קאָוונע).

אָנזוך

אָנזאַקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ~
געזאַקעוועט. אָנפּאַקן אין זעק. „מע דאַרף די
קאַרטאָפּל אָ, אין די גאַנצע זעק„.
אָנזאַראַזען — טרוו ־זע אָן, ~געזאַראַזעט.

.

סל. 1. אָנשטעקן אַנדערע מיט קלעפּיקער,
מיאוסער קרענק. אָ, די גאַנצע קאַזאַרמע
רעקרוטן. 2. אָנשמוצן, אָנבּרודיקן,

אָנפּאַסקודיען. אָנחזירן. אָ, דעם גאַנצן הויף. „דער
כּלבֿ האָט אָנגעזאַראַזעט, אַז מע קען ניט
דורכגיין די טרעפּ“. 3. אָנריידן רכילות. אָפּטאָן
מיאוסע זאַכן. אָנמסרן. „דער תּכשיט האָט שוין
אָנגעזאַראַזעט. אַלעמען פֿאַרשאָטן“.
אָנזאָרIגיק — אַדי. פּפֿ. ־געוודיק. וואָס

-

.

איז אָן זאָרג; האָט ניט קיין זאָרג. פֿירן אַן
אָ, לעבן. אָ'ע יוגנט. ־יקייט — „די גוטע
יאָרן פֿון שפֿע און אָ'“, ימ, 1955.
אָנזאָרגנדיק — אַדי. ← דפֿוו. וואָס איז אָן
זאָרגן. וואָס זאָרגט זיך ניט. אָפּלעבן אַ
לעבן אָ..
אָנזאָרגן זיך — אוטוו. זאָרג זיך אָן, זיך
~געזאָרגט. כּסדר, אַ לענגערע צײַט זיך
זאָרגן, זיך קימערן. נאָכאַנאַנד זאָרגן. אָ, זיך
וועגן די קינדער אַפֿילו נאָך זייער חתונה.
אָנזאַרגען — טרוו ־גע אָן, ~געזאַרגעט.

.

< זרק. (אין פֿאַרשטעלטן לשון) אָנוואַרפֿן,
אַרײַנוואַרפֿן. מע האָט אים אָנגעזאַרגעט די

טרייף־פסולס.

אָנזבּענקען — אוטוו & טרוו. זבּענק(ע) אָן, ~געזבּענק(ע)ט. 1. אָנבּוכצען, אָנשלאָגן, אָנבּרעכן. אָנהרגענען. אָ, די בּיינער, די זײַטן. 2. אָנהאַקן. אָנבּראַזגענען, אָנטראַסקען מיט אַ געהילך. אָ, סלאָיעס. אָ, די שויבּן. 3. אָנקלאַפּן. אָנטומלען. אָ, אין די טירן. „די קינדער זבּענקען אָן אין די בּלעכן. ס'איז ניט אויסצוהאַלטן‟ ־עניש.

.

אָנזבּלען — [... זעוולעח טרוו. זבּל אָן, ~ געזבּלט. אָנוואַרפֿן מיסט, אָנמיסטיקן. בּאַמיסטיקן. אָ אַ פֿעלד.

,

אָנזדוכען — טרוו. ־כע אָן, ~געזדוכעט. אָנבּוכצען, אָנשלאָגן, אָנממיתן. אָ, די זײַטן. ‟ער האָט אים הײַנט אָנגעזדוכעט וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן‟.

אָנזובּרעווען — טרוו & אוטוו. ־רעווע אָן, ~געזובּרעוועט. סל. 1. אַ סך מאָל אײַנלערנען, אײַנחזרן עפּעס (אויף אויסווייניק). אָ, אָלע פֿאָרמולעס. אויך מיט ז י ך — אָ, זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט בּיז דער מוח ווערט דול.

2. אָנמאַטערן דעם מוח. אָנפּלאַפּלען. אָנריידן
סתּם אין דער וועלט אַרײַן. אָ, אַלעמען אין
אויער אַרײַן.
אָנזוד — דער, ־ן. פּפֿ: ~זיד. דאָס וואָס
בלײַבט, זעצט זיך אָפּ אונטן אין אַ כּלי נאָכן
אָנזידן. דער אָ, אויפֿן דנאָ. „האַרט וואַסער...
קאָכט שלעכט איבער קרײַטעכער און בילדעט
אַ סך אָ, אין די סאַמאָוואַרן און קעסלען‚„ רעד,
ד. האָכבערג איבז, אייניקע פּשוטסטע
עקספּערימענטן פֿאַרן עלעמענטאַר־לימוד, מאָסקווע
1920. „וועט דער קוילנזויער־קאַ□ך בשעתן

איאָנזודיקן

בערזידן דאָס וואַסער... זיך אָפּזעצן בצורת
אָ'‚„ דאָרטן
אָנזודיקן — טרוו. ־יק אָן, ~געזודיקט.
שטאַרק אָנקאָכן, אָנהיצן עפּעס. אָ, די זופּ, מע
זאָל אָפּבריִען די צונג. אָ, דעם סאַמאָוואַר.
אָנזודע(נע)ן — דזוו אויסזודע(נע)ן ←, 236.
אָנזוו(י)אַקען — טרוו ־קע אָן, ~געזוו(י)
אַקעט. סל. אָנקלינגען. אָנקלאַפּן. אָ, מיט
די טעפּ, מיט די בלעכן.
אָנזוזשען — ־זשע אָן, ~געזוזשעט. פּפּ.

~זשוזשען. אוטוו — כסדר, אַ לענגערע צײַט זוזשען; אַרויסגעבֿן דעם קלאַנג זש־זשזש. אָ, ווי בינען, ווי קאָמאַרעס. דער ווינט זוזשעט אָן. טרוו — גיך, אָן אויפֿהער און אומקלאָר רעדן. אָנפּלאַפּלען. אָ, אַ קאָפּ מע זאָל קריגן אַ קאָפּווייטיק. ״מע זוזשעט אים אָן פֿולע אויערן מיט דער מעשׂה„, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה, ־עניש.

.

אָנזויגן — טרוו. זויג אָן, ~געזויגט (~געזויגן). פּפֿ: ־..־,זייגן. 1. געבֿן (צו) עסן (אַ קליין קינד) דורך זויגן און אָנזעטיקן. שטילן דעם הונגער דורך געבֿן צו זויגן. אָנקאָרמען מיט דער ברוסט, מיט אַ פֿלעשעלע. אָ, דעם עופֿעלע און לייגן שלאָפֿן. פֿיג. דער רעגן זויגט אָן די ערד. ״מײַנע האָט זיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַרײַנגעכאַפּט דאָס אַנצוזויגן״, יר, גש I. „'יותר ממה שהעגל רוצה לינוק — הפרה רוצה להניק, — מער וויפֿ[ל דאָס קעלבל וויל זויגן, וויל די קו עס אָ'״, פּנחס רודאָי, טמז, 29 l964 XI.
2. אָנזעטיקן אַ צאָל דורך (מיט) געבֿן צו זויגן. אָ, די הלעיטנעס, זיי זאָלן אַזוי ניט גוואַלדעווען. 3. אַרײַנציִען, אַרײַננעמען. אָנזאַפּן. אַבֿסאָרבירן. אָ, מיט דער מאַמעס מילך

אַלע גוטע מידות. אָ, וויסן, תּורה, קולטור.
,,איר שוויַגן איז געוואָרן אָנגעזויגן מיט אַ
בּיטערניש‟, חג, טמז, 9)19 XI 14.
מיט ז י ך — ‟ווען כ'וואָלט געווען אַ קינד
און דו מײַן מוטער, וואָלט איך... פֿון דײַנע
מילכן זיך אָנגעזויגן‟, כאַצקל פּראקער. *אָ, זיך
מיט יענעמס בלוט, מיט יענעמס האָבּ־
אונגוטס = פּאָזשיווען זיך, אָנהאָדעווען זיך אויף
יענעמס חשבּון, מיט פֿרעמדער פּראַצע; ווערן
רײַך דורך אויסניצן, עקספּלואַטירן עמעצן.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ערין, ־קע.
אָנזוילן — טרוו. זויל אָן, ~געזוילט.
אַרויפֿלייגן זוילן אויף שיך. אָ, אַ פּאָר (עטלעכע פּאָר)
שיך.
אָנזוימען — טרוו זוים אָן, ~געזוימט.
ארויפֿנייען אַ זוים. אָ אַ קאָלירטע סטענגע
,

אויפֿן (צום) לײַלעך, טישטעך אע.
אָנזויערן — טרוו ־ער אָן, ~געזויערט. פּפּ.

~זייערן. 1. מאַכן צו זויער. אַרײַנגעבן,

אַרײַנטאָן אַ זויערן שטאָף אין עפּעס. אָ אַ

גלאָז טיי. אָ, די טיי מיט צו פּיל ציטרין. אָ,
ראָסל מיט זויערזאַלץ. אָ אַ הערינג־סאַלאַט

מיט צו פּיל עסיק. "מע זויערט אָן די פּלאַטעע
צום אָנפֿאַנג מיט אַ ביסל עסיק־זײַערס און צום

1524

סוף, ווען די פֿאַרב איז שוין אויסגעצויגן גיסט
מען צו די נייטיקע שוועבל־זײַערס", ש. שפּירא
קליידער פֿאַרבער ., וואַרשע 1900.
2. (דאָ געוויינלעך: ~זײַערן) אײַנשטעלן.
קאָנסערווירן. אָ אַ פּעסל אוגערקעס. אָ, קרויט

אויף ווינטער. אָ, (זויער)מילך. אָ, די
ברוסניצעס מיט אַרײַנגעבן זויערע עפּל. 3. פֿיג.
אַרײַנברענגען, אַרײַנפֿירן עמעצן אין שלעכטער
שטימונג. אָנברוגזן. אָנכעסן. אָנבמורען. אַ,
די שוויגער. אָ, אַלעמענס פּנימער מיט אַ

אָנזויסן — זויף אָן, ~געזויפּט, אויך: ~
געזויפֿן. אוטוו — טרינקען אַ סך אַלקאָהאָלישע
געטראַנקען. זשליאָקען. שיכּורן. "און, ניט וויא
איין טייל לײַט איז נישט מער איר כּוונה צו
פֿרעסן אונד שיכּור אַן צו זופֿין אונד שטיפֿן
חוצפּה", עח, עא/ב. טרוו — 1. אָנפֿילן דורך
זויפֿן, טרינקען אַ סך און מגושמדיק,
דערעיקר אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. אָ, די קישקעס
מיט ביר. 2. אַ סך אָנטרינקען. דורכווייקן.
אָנזאַפֿן. „ער גיסט אין אויסגעטריקנטער
דרשטיקער ערד, ער לאָזט אָ, אירע לעכצנדיקע
שוואַרצע שפּאַלטן„, ייִז, 'ליימגרובן'.
מיט ז י ך — „ער הורט נוך זאַך נוך רידט
נישט, מיט דעם שלוף טרנק הט ער זיך אַן
גיזופֿן„, בבא־בוך, 347. "חזירים, שׂונאים
זײַנן אין שלאָס גילאָפֿן... מיט איין ביטר
גישרייא, אַז העטן זיך שיכּור אַן גזאָפֿן,
רבש„ע! העלף דיא צו דיר האָפֿן", 'קינות אויף
כמעלניצקיס גזירות„ פּראָג 1648? [מוו, ביל—

דער פֿון דער ייִד, ליטעראַטור־געשיכטע].
„האָבן זיי פֿונאַנדערגעלייגט דעם ליַילעך...
זיי זאָלן אָ, זיך פֿון רעגן", איין שיינע
וואונדערליכע היסטאָריע פֿון דעם אומגליקליכן
עמינד, וואַרשע 1855.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־עריַי.
אָנזוכן — טרווי זוך אָן, ~געזוכט. 1. זוכן
אַ סך, אַ לענגערע ציַיט. אָ, עפּעס אין אַלע
ווינקעלעך און ניט געפֿינען. 2. צונויפֿנעמען,
צונויפֿקלייַבן זוכנדיק. אָ אַלע צעוואָרפֿענע
,
פֿאַפֿירן. אָ, שמאַטעס ־עניש.
.
אָנזומ(ז, זש)ען — כמעט דזוו אָנזוזשען (דאָ
איז דער קלאַנג זום־זום).
אָנזוניק — אַדי. 1. וואָס איז אָן זון. וואָס
איז ניט באַוואַרעמט, ניט באַשטראַלט פֿון דער
זון. וואָס די זון קומט אַהין ניט צו. אָ'ע טעג.
אַ'ער ווינקל. אָ'ער ברעג. „דורכגעגאַנגען
פֿאַרביַי אים צו די ינצטערע הינטערטרעפּ, צו
איר פֿיַיכטן, אָ'ן בוידעם־שטיבל אַרויף", נ
לוריע, בריקן ברענען, כאַרקאָוו 1929. 2. פֿיג.
וואָס איז כסדר אין געדריקטער שטימונג:
פֿאַרדאגהט פֿאַרפֿינצטערט. אָ'ע טעג און יאָרן

— . -

פֿון אָרעמאַן. אָ'ע פּנימלעך פֿון די פֿאַרחושכטע גרעטאָ־קינדער. ־יקייט.

אָנזוניקן — טרוו ־ניק אָן, ~געזוניקט. נעאָל. פֿול מאַכן מיט זון. אָנוואַרעמען מיט זונענשטראַלן. אָ, דאָס ברייטע פֿעלד. אָ, דאָס געמיט.

אָנזופּן — טרוו. זופּ אָן, ~געזופּט. אָנטרינקען עמעצן. געבן צו טרינקען פֿליסיקייט. אָ,

אָ◌נזידלען

די פֿערד. ״זופּ אים אָן און לייג אים שלאָפֿן,,. 'הלעיטני נא, (בראשית, כה, 30) פֿלעגן מלמדים אין פּאָד פֿאַרטײַטשן: ,,מאַך מיך אָ'״.

אָנזו◌ן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. זופּנדיק מיטן מויל אַרײַנציִען פֿליסיקייט. אָנטרינקען זיך. אָ, זיך מיט קוואַלוואַסער. אָ, זיך מיט אַ טעלער לאָקשן מיט יויך. ,,זופּט זיך אַליין אָן מיט מילך פֿון אַ בלעכערנער קענדל״, צ. דאָלגאָפּאָלסקי, באַ געעפֿנטע טויערן, מינסק 1928 ◌יג אָ, זיך מיט כּבוד. אָ, זיך מיט

.

נחת פֿון אייניקלעך. ,,הקצור, אײַנגעשלונגען

צרות, אָנגעזופּט זיך ווייטיק מיטן פֿולן מויל“, פֿרוג II, נ"י 1910. 2. אַרײַנטרינקען אַ סך אַלקאָהאָל. אָנשיכּורן זיך איבּער דער מאָס. אָנזויפֿן זיך. אָ, זיך וו אַ פֿאַס, ווי אַ פֿויק.
י

־עכ ן. ־עניש.

אָנזיגלען — טרוו ־גל אָן, ~געזיגלט.

.

1. אַרויפֿלייגן, אַוועקלייגן אַ זיגל. אָנשטעמפּלען. אָנגיסן טריוואַקס און אָ, די וויכטיקע דאָקומענטן. אָ, אַלע פֿאַקעטן. פֿיג. "צו איר האַרצן פֿעסט צוגעדריקט און אַ הייסן קוש אויף זײַנן שטערן אָנגעזיגלט„, צ. ז. רובּינשטיין, דער שרעקליכער קנט־מאָל, אַדעס 1883.

2. אָנשרײַבּן. אָנחתמענען, בּאַשטימען (פֿוז אויבּן, און אַזוי ווי אַרויפֿלייגן אַ זיגל). אָ, אַ גוט קוויטל צום נײַעם יאָר. "און, מיר זאָלן ווערן אַן גזיגלט צו פֿאַר דיר דען יום הכּפֿורים דער דא קומט צו אונש צו גוטן“, בּרכת המזון, אמשט 1723, מא/א. „און זיגל אונדז אָן צו גוטן... אַזוי זאָלסטו אויך הײַנט אָ, אין דעם בּוך פֿון לאַנג לעבּן“, תּחנות ובּקשות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798].

אָנזידלען 1 — טרוו. ־דל אָן, ~געזידלט.

1. אַרײַנזאָגן עמעצן אויף אַ גראָבן, באַליידיקנדיקן אופֿן. באַפֿאַלן מיט מיאוסע, בייזע, שטעכיקע רייד. אָ, און מאַכן מיט בלאָטע צו גלײַך. אָ, און ווײַזן די טיר. אָ, און מאַכן יענעם אַ שוואַרץ־שבת [— פֿאַרשטערן דעם שב◌]. "זײַן

בייזע פֿרוי האָט זיך געקריגט אַמאָל מיט אים, און נאָכדעם ווי זי האָט אים שוין גענוג אַנגעשאָלטן און אָנגעזידלט און אָנגעפֿלוכט, האָט זי אים אָפּגעגאָסן איבער דעם קאָפּ אַ גאַנץ קעסל וואַסער", אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע 1864. „— אויב אירווילט ניט האָבן גראָב אָנגעזידלט פֿון מיר פֿאַר מײַן טויט, איז גייט פֿון מיר גלײַך אַוועק", הירש לעקערט, זײַן ענטפֿער צום ראַבינער. 2. אויסריידן עמעצן אין אַ שאַרפֿן, כּעסדיקן טאָן. אַנמוסרן. אַנשייגעצן. אָ, דעם אייגענעם זון. אָ, דעם פֿאָרמאַן, ער זאָל זיך האַלטן אין דער מעלה. מיט ז י ך —

קזוו. אָנזידל. ־עכ◌ן. ־עניש. —ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָנזידלען 11 ◌־— טרוו. ־דל אָן, ~געזידלט.

דטשמ נר. באַזעצן (פֿרײַוויליק אָדער דורך צוואַנג, דעפּאָרטאַציע) אַ ניט־באַוואוינטן שטח;

אַ ניט־באַפֿעלקערט לאַנד. אָ, וויסטע געגנטן.
־ונג — „דאָס געזעץ־פּראָיעקט וועגן אָפּשאַ ן
דעם אָ'ס־ראַיאָן, איז נאָך לאַנגע וויכּוחים אין
דער דומע... באַגראָבן געוואַרן אין אַ

קאָמיאָנזידלער

סיע„, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע״ב,
לעמבערג 1911.
אָנזידלער — דער. מצ [בּ. אַרכ. ווער עס
באַזעצט זיך אין אַ נײַ אָרט. אימיגראַנט,
קאָלאָניסט. „דו ווערשט זײַן אַז איין אַן זידלר אין
דר ווישׂטנײַא„, שעריר, מח, 6. [דאָרטן, יז, 6 —
על־פּי טעות אַן זידיל.] „איין אַן זידלר הייִשׂט
מן דר אַליין אין דער מדבּר איז, אַזו ווערט
איר אויך זײַן“, סהמ, ירמיה, ווילהרמרשׂדאָרף,
מח, 6. ־ין — „אונ, האָט זיך אַך אויז
ערווילט איין אורט וואו זיא [יפֿתּחס טאָכטער]
איר צײַט זאָל איר לעבן לנג פֿאַר בּרענגן, גלײַך
איין אַן זידלרין„, אַלכּסנדר סענדר עטהויזן,
בּית י ראל ובית הבּחירה, אַמשט 1724, טו.
דטשמ. נר. „... דער פֿולשטענדיקער
באַוועגונגס־פֿרײַהייט וואָס זי האָט געגעבן די אָ„,
[פֿון דער מערילענד קאָלאָניע, 1634], י.

לעשטשינסקי, די פֿאָלקס שטימע, נ„י 3 1911, No,
בײַלאַגע.

אָנזידן — טרוו. זיד אָן, ~געזאָדן, ~געזאָטן (~געזידט). 1. דורך שטאַרקן,

קאָנצענטרירטן 󠁿פֿײַער, אָנהיצן (עפּעס) און

דערבּרענגען צום פּונקט פֿון זוון. אויפֿקאָכן. אויפֿזידן.

אָ, וואַסער. אָ, פֿלייש. „נעכטן האָבּן מיר זיך

געקליבּן וואַשן וועש, מיר האָבּן שוין

אָנגעזאָדן וואַסער“, בּ. פּיוועגשטיין, דער וועג קיינ

אועלענ, מאָסקווע 1935. אָ, מילך = אָנבּריִען.

2. אויפֿרעגן. אַרײַנבּרענגען (עמעצן) אין

צאָרן. אָנכּעסן. אויפֿהעצן. אָ, דעם בּעל־הבּית

און אַרויסבּרענגען אים פֿון די כּלים. „אַז מע

זידט אים אָן דאָס בּלוט, וואַרפֿט ער זיך בּאַלד

שלאָגן“. אָ, דעם כּעסן, ער זאָל ווערן אַלע

קאָלירן און זאָל שפּריצן מיט פֿײַער. אויך

אוטוו — אָנהייבּן זידן. דער טאָפּ האָט

אָנגעזאָטן.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכץ — „אין

ריגליץ הייסט פֿלייש מיט צוויבּל אַ 'געדישעכץ,

אָדער אַן 'אָנזידעכץ'“, ז. מוירער, זײַ נישט קיין

ווואילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. ־עניש.

אָנזיי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון

אָנזייען ← פֿאַרזיי. אָ, פֿון תּבֿוּאה פֿון

גערשטן. געראָטענער אָ'. ־אונג.

אָנזיי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון ־.

אָנזײַען ←. געדיכטער אָ'. לאַנגזאַמער אָ'. אָ, פֿון מעד ־אונג.

אָנזייגן — דזוו אָנזויגן ←. [אין לד און פּר ס'רובֿ י,,זייגן, אין וורר און אוקר ס'רובֿ ~זויגן.] "און אונדזער מוטער שׂרה האָט אָנגעזייגט אַלע קינדער פֿון די שׂרות וואָס זענען געקומען אויף דער סעודה", נצ2, קסז/ג. "(שני שדיך) דײַנע צוויי ברוסטן דאָס איז דער גוף מיט דעם יצה"ר וואָס זיי זייגן דיך אָן מיט שלעכטס", הרבֿ א. ל. בראַנדים איבז, ספֿר יח ספֿוני יאַס 1843. "בײַדערנאַכט זאָל מען אים קיינמאָל נישט זייגן נאָר מ'זאָל אים גוט אָ, שפּעט פֿאַרנאַכט", איבז, מרפּא לע , זשיטאָמיר 1874. "יום־כּיפּור פֿלעגן די ייִדישע ווײַבער ברענגען זייערע פּיצעלעו קינדער אין די שטובן פֿון די גויִים אין שכנות פֿון

מדרש כדי מ'זאָל זיך קענען צוכאַפּן בײַם
אויסנעמען אָ', געבן עסן דעם קליינוואַרג", פּייגל
פֿריד, צוק, דעצ, 1957 ־ערין — די, ־ס.

.

אַם. „די שׂרות... האָבן בכּוונה ניט געבראַכט
זייערע אָ'ס צו פּריבֿן [פּרוּוון] שׂרה אויב זי קען
זייגן קינדער", נצ2, קסז/ג. ־ערײַ.
אָנזיין — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ; ~געווע(ז)ן.
-

1. זײַן אין פֿאַרשיידענע ערטער. אומעטום. אָ,
אויף אַלע קאָנצערטן. 2. זײַן אַ לענגערע
צײַט. „אים האָט זיו געוואָלט איך זאָל זײַן
פֿרום... איך וועל דיר שוין אָ", בֿ. גאָרין, אַלע
ווערק. 3. באַטייליקן זיך. אָנטיילנעמען.
מיטמאַכן. טאָן עפּעס. אָ, אין אַלע פּאַרטייען און
אין ערגעץ זיך ניט אָנזען.
אָן זיין שאָדן פֿראַזע. געניצט וו אַ
— — ,

וואונטש אָדער ווי אַ ברכה אין אַ ווענדונג צו
עמעצן וואָס עס גייט (לעבט זיך) אים גוט. „איך
ווינטש מיר אָן ז, ש, פּונקט אַזאַ עלטער ווי
ער האָט". "אָן ז, ש, אויף מיר געזאָגט געוואָרן
אַזאַ לעבן„ פֿרגל: אָן דײַן שאָדן.

.
אָן זיין שטאַט — אַרכ. דזוו אַנשטאָט אים.
-
"און, אובֿ איינר אונטר דען ג, פּסול ווער מחמת קורבּה, זאָל מן איין אַנדערן שמש אַן זײַן שטאַט נעמין", תּקק. „ווען מן איינמאָל רשות גיבֿט צו טיטן איין בן אדם אַדר מזיק צו זײַן, לאָזן זיא ניט נאָך בּיז... מן גיבֿט איין אנדרן אַן זײַן שטאָט", מענה לשון אויף טײַטש, פֿיורדא 1766.
אָנזייען — טרוו. זיי אָן, ~געזייט. 1
פֿאַר.
זייען אַ גרעסערן שטח מיט איין מין. אָ, טאָמאַטן. אָ, קאַרטאָפֿל פֿיג. אָ, קערנדלעך פֿון
.
האַס. 2 פֿאַרזייען אַ צאָל פֿאַרשיידענע
מי.
נים. אָ, (פֿון) מכּל מאמינים שהוא = שפּאַסיק: מכּל המינים. אָ, ווייץ, האָבער און גערשטן.
-עכץ. -עניש.
אָנזייען — טרוו. זײַ אָן, ״..,געזײַט. 1.

דורכלאָזן דורך אַ זײַער, פֿילטער (דינער זיפּ) און (פּאַמעלעך) אָנפֿילן אַ כּלי מיט אַ פֿליסיקייט.

אָנטריפֿן. אָ, מעד אין בוטל. אָ, מוטנע קוואַלוואַסער פֿיג ״אַ ווינטעלע דעם טאָג מיט פֿרי— .

לינגדיקע בוימלען זײַט אָן,,, פּמ, סתּס. 2. אָנפּלוידערן. אָנדערציילן פּוסטע מעשׂיות, פּוסטע זאַכן. אָ, פֿון ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן. אָ, און אָנבּרײַען. 3. פּד. אָפּזײַען. באַפֿרײַען, אָפּטיילן דורך זײַען דאָס אומנייטיקע. אָ, די לאָקשן, די קאַרטאָפֿל. ־עכ□ן. ־עניש.

אָנזייערן — דזוו אָנזויערן.

-

אָנזייפֿן — טרוו. זייף אָן, ~געזייפֿט. 1. אָנשמירן (אַ טייל פֿון קערפּער) מיט זייף; באַדעקן מיט זייף(־מולינעס). אײַנזייפֿן. אָ, ס'פּנים. אָ, דעם קאָפּ בײַם צוואָגן. אָ, די באַקן פֿאַרן גאָלן זיך. ״זי האָט דאָרט געפֿונען אַ שמעקנדיק שטיקל זייף... און ענדלעך מיט דעם אָנגעזייפֿט די הענט,,, ה. דאָבין, צווישן בינשטאָקן, מאָסקווע 1941. 2. גוט אָנרײַבן, אײַנרײַבן מיט זייף. אָנווייקן מיט זייף. אָ, די גרעט אין באַלייע און לאָזן שטיין איבערנאַכט. אָ, די פֿאַרבלאָטיקטע פּאָדלאָגע און (אויס)רײַבן מיט דער באַרשט.

אָנזיכט

3. דורך אָנרייַבן, אײַנשמירן, אײַנטונקען אין (מיט) זייף מאַכן ווייכער, גלאַטער. אָ, די טשוועקלעך פֿאַרן אַרײַנהאַקן אין זויל. אָ, די דראַטווע. אָ, דעם שלאָס (שליסל), ער זאָל זיך לײַכטער איבערדרייען, עפֿענען. פֿיג. „[זי□] מון מען אָ, די גאָרגלען, כּדי די ליגנס זאָלן קאָנען גלאַט זיך דורכגליטשן„, אַקש איבז, בען דשאָנסאָן, וואַלפֿאָנע, מינסק 1935.

4. שאַרף אַרײַנזאָגן. אָנשייגעצן. אָנזידלען. אָנמוסרן. זיך אָפּרעכענען (מיט עמעצן). „זי האָט אים גוט אָנגעזייפֿט„, שע, יאָסעלע סאָלאָוויי. *אָ, אַ מאָרדע (אַ מוח) = אַרײַנזאָגן (ביז) אין דער זיבעטער ריפּ. „און ווען נאָר מע דאַרף עמעצן אָ, אַ מאָרדע איז מען מכבד מיט דעם ז־סקין“, דטש, טאָג, 29 1958 XI. *אָ, אַן אויער — דז. „שעמען זיי זיך ניט אַרײַנצושרײַבן אַ בריוו אין דער רעדאַקציע און אָ, אַן אויער בײַ דעם פֿאַרזינדיקטן שרײַבער“, י. ראָכלין פֿאָר,

,

1966 □ 12. *אָ, לעולם ועד = אײַנזעצן אין תּפֿיסה אויפֿן גאַנצן לעבן.

5. (שפּאַסיק) אָנציִען. איבעררעדן (מיט

גלאַטע, זיסע רייד) און פֿאַראינטערעסירן עמעצן
אין עפּעס (אַן אונטערנעמונג, אַ שליחות אע).
נעמען אויף דער העצקע. אונטערפֿירן.
אַרײַננאַרן. אָ, דעם יאָלד (די גוטע נשמה) און
דערנאָך זאָל אים פֿאַרדריסן אויפֿן גאַנצן עסק. "
כעכע־כע, האַרציקער, מ'האָט אײַך אָנגעזייפֿט,,,
ייִז, פּערל. אָ אַ מאָרדע און ניט אָפּראַזירן =
,
א) אָפּטאָן אַ שפּיצל; בּ) טאָן אַ האַלבּע אַרבּעט.
*אָ, מיט שוים — דז. 6. אונטערשמירן. געבּן
כּאַבּאַר. אָ, דעם קנעפּל. אָ, דעם 'קאָפּ, וועט
ער זיך לאָזן צוואָגן. אָ, דעם גדול און
אויספּוֹעלן עפּעס. ,,אַז מע זייפֿט גוט אָן, גאָלט זיך
בּעסער,,, שוו.
מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ ן. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.
אַן (אָן) זיך — דזוו אין זיך; אויף זיך (אַליין).
נר. "ווען איינר ווער איין גנבֿ אבּר זונשׂט
איין אַנדר איבּל הייבּט אונ, וואַרפֿט עשׂ יענם
פֿאַר, כּלומר וואשׂ ער האָט אַן זיך גיבּט ער
פֿון זיך,,, חו, יח/ד. "יעדער ענין מוז
בּאַטראַכטעט ווערן... ווי ער איז אַליין בּעצם (אָן
זיך און פֿאַר זיך),,, אמד, דער ערסטער נאַבּאָר,
ווילנע 1871. ,,ער האָט אָן זיך געהאַט כּל

המעלות טובֿות,,, איין שיינע מע􏰀ה פֿון נפֿתּלי און, מרים, לעמבּערג 1891.

אָנזיכט — די (דער), ־ן. דטשמ. ־An: 􏰀 <

􏰀ו][sie. אָפּט געניצט. נר. 1. אָנבּליק. אויסזען. מראה. צורה. פּנים. ער האָט מיר עפּעס אַ טרויעריקן אָ'. 2. מיינונג. שטאַנדפּונקט. קוקווינקל. ,,האָט פֿאַרטיידיקט די אידייען און אָ'ן וועלכע עמערסאָן און זײַנע אָנהענגער האָבּן געהאַט'', י. בּאָוושאָווער, גש, נ"י 1911. ,,האָט אויסגעניצט די געריכט־טריבּונע צו פּובּליקירן זײַנע פּאָליטישע אָ'ן'', טמז, 10 X 1964 אי 3. דאָס וואָס מע דערזעט; וואָס מע קוקט אָן. פּאַנאָראַמע. אויסבּליק. אַ הערלעכע, וואונדערלעכע אָ'. אָ'ס־ק אַ ר ט ע (ק אַ ר ט ל) — (פּאָסט)קאַרטל אילוסטרירט מיט אַ לאַנדשאַפּט, בּילדל. ''די זאַך האָט זיך צעטראָגן צווישן די

אָנזיכטיק

קורגעסט און זייער ווייניק זײַנען מיר נאָכדעם געקומען בּאַלעסטיקן מיט זייערע אָ' סק'ן,,, מר I􏰀י. ,,אַ נײַער מין סחורה — קאַרטלעך מיט צאַצקעס, אַ'ס־ק'ן בּלע,,ז,,, אַר, אַנזיכטס

,

קאַרטען,.
אין אָ, פֿון... — ווען מע נעמט אין באַטראַכט. אין אָ, פֿון די באַווייזן. אין אָ, פֿון דער סבֿנה.
אָנזיכטיק — אַדי. 1. וואָס מע קען זען, דערזען. ,,ציטערנדיקע זילבער־ווייסע פֿישעלעך... אין דעם קרישטאָל־ריינעם וואַסערל אָ', טויכן אַ ווײַלע אונטער אין דער פֿלאַכער טיפֿקייט,,, רעד, משה פֿראָסטיג, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע"ב, לעמבערג 1911. ,,די געשריבענע שפּראַך — דאָס זײַנען נאָר די אַלע אָ'ע צייכנס און סימנים, וואָס זײַנען נייטיק איבערצוגעבן אונדז דעם זינען פֿון דער גערעדטער שפּראַך", ימ, שול־גראַמאַטיק, 1921.
2. קאָנטיק. אָנזעעוודיק. וואָס איז בולט, וואָס לאָזט זיך (מע קען) באַמערקן. אָ'ע אונטערשיידן. "איין אַן זיכטיגר גרושר האָרן וואַר צווישן זײַני אוגן", סהמ, דניאל, ח, 5. "איין מת מוז מן פֿר געסן, ממילא ווערט די נקמה ניט אַן זיכטיג זײַן", סהמ, תהלים, נט, 12. ,,דער איבערגאַנג פֿון קינדשאַפֿט צו צײַטיקונג איז אָ'ער פֿאַר אַלץ אַ פֿיזישער איבערגאַנג", מוו,

דער וועג צן אונדזער יוגנט. „אין דער יצירה טרעט גאָט... אַרויס פֿאָרויס און ווערט אָ',,,

נ. גלאַצער, ייִבל ͏ יXX. אָ, לערנען — מיט דער הילף פֿון בילדער, דיִאַגראַמען, מאַפּעס אע.

3. וואָס איז אָנגעזען, פּראָמינענט. וויכטיק. חשובֿ. אַן אָ'ער שרײַבער, זשורנאַליסט. אַן אָ'ער סוחר. „בטבֿע איז ער געווען אַ ייִד אַ שענקער, עפּעס גאָרנישט אַזאַן אָ, מענטשל“, שע, ,סטאַנציע באַראַנאָוויטש'. „אַפֿילו אין ביתהמדרש, ווען אַ באַרימטער מגיד 'זאָגט, און די אָ'סטע בעלי־בתּים פֿאַרלירן זיך צווישן גרויסן עולם, זעט מען נאָר איין זעליקן“, אַר, ,דער אודה,.

־יקייט — „דאָס איצטיקע בוך זײַנס האָט די מעלה פֿון דורכזיכטיקייט אין זײַן גאַנצער קאָנסטרוקציע און אָ, פֿון יעדער טייל באַזונדער,,, ימ, אונזער שול, נ״י 1936.

אָ, ז ײַ ן , וו ע ר ן — אַרכ. דערזען, דערבליקן. קענען אָנקוקן. ״גיבענשט מוש זײַן די שטונדן דש דיך... מײַן אויגן ווידר אַן זיכטיג ווערן,,, ב ͏ א־בוך, 193.

אָנזיכטן [?] — טרוו. איצ, אימפּ נב; ͏ ...,
געזיכט? אָנקוקן. ״ליגט רואיק, גאָרנישט אָ',,,

שע, יאָסעלע סאָלאָוויי.
אָנזיכפּער — אַדי. אַרכ. אומזיכטיק.
אומזעאיק. „ער איז וויא איין מלאך אין אַלן זאַכן, זיא קענטן אין ניט פֿינדן, דער קענט זיך אַן זיכפּר מאַכן„, ר, יעקבֿ בּר, יצחק סג„ל ש„ץ דק״ק ריטלזיא, קהלת יעקבֿ, יהושע, פּראָג 1763.
אָנזילבּערן — טרוו ־ער אָן, ~געזילבּערט.
▯
1. בּאַדעקן, איבּערציִען (עפּעס) מיט זילבּער.
2. אָ, דעם ▯אַץ, די צוקער־פּושקע.

בּאַזיל1526

בּערן אַ צאָל. אָ, עטלעכע טוץ גאָפּלען און מעסערס. ־ונג. ־עניש.
אָנזינגען — טרוו. זינג אָן, ~געזונגען.
1. אַרײַנזינגען. אויפֿנעמען (אַ) געזאַנג אויף אַ פֿלאַטע, בּאַנד אע. אָ, פּאָלקסלידער אויף (אין) אַ גראַמאָפֿאָן־פֿלאַטע. [ווען חדר־ייִנגלעך אין גאַליציע פֿלעגן שפּילן אין קנעפֿלעך און איינער האָט אָנגעוואָרן אַלע זײַנע קנעפּלעך, פֿלעגט מען אים געבּן נאָך אַ שאַנס זיך צו בּאַטייליקן אין קאָן, ניט אײַנשטעלנדיק קיין קנעפֿל. האָט דער שלימזלדיקער שפּילער ווײַטער פֿאַרשפּילט,

פֿלעגן די ייִנגלעך זיך אויסשטעלן אין אַ ריי
און אים אָנגעזונגען: „תּנין ואָדם וחית ראמים,
אַז מע האַט ניט קיין קנעפּלעך, שפּילט מען
מיטן קליינעם“.]

2 פֿאָרזינגען כּדי אוי צונעמען און
פֿאַר.
שרײַבן פֿאַרצייכענען (אויף אַן אינסטרומענט
,
אָדער נאָטן־פּאַפּיר) די מעלאָדיע. „זינג מיר
אָן און איך וועל פֿאַרשרײַבן די נאָטן„. *אָ אַ
,
מ ע שׂ ה = אָנלויבן עפּעס אַ געשעפֿט, אַ
שותּפֿות אע און מיט דעם פֿאַרפֿירן.

3. אַ לענגערע צײַט, צו פֿיל זינגען, מער
ווי מע דאַרף. “זיי זינגען אַן אין הויף ביז מע
וואַרפֿט זיי צו אַ פֿאָר גראָשן“. אָ, דער קאָפּ
זאָל צעשפּאָלטן ווערן.

4. איבערטרײַבן מיט אַ פּרײַז בײַם
פֿאַרקויפֿן עפּעס; שטעלן (אַ זאָג טאָן) אַ צו הויכן
פּרײַז. אויפֿזינגען. “קויף ניט בײַ אים, ער
וועט דיר אָ אַ מ ק ח אַז ס'וועט דיר פֿינצטער
,
ווערן אין אַן אויג„.

5. אוטוו אויסגעבן, אויסזאָגן סודות (פֿאַר אַ מאַכט). אָ, אויף די אייגענע חבֿרים פֿון פֿאַרטיי. מיט ז י ך — אָ, זיך און אויפֿהערן. ־ונג. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
אָנזינד — דער, ־ן? נעאָל. דער וואָס איז אָן זינד. „געפֿונען דעם אָ', ער זאָל וואַרפֿן דעם שטיין" פּ. ציבולסקי, המשך, 1964.

,

אָנזינדיקן — אוטוו & טרוו ־יק אָן, ׳י.,
גע.
זינדיקט. 1. אַ סך זינדיקן. אָ, עבֿירות, חטאָים. אָ, מיט ווענען נאָר עס מאַכט זיך. אויך שפּאַסיק: בײַם בעטן אויסשטעלן דעם חשבון אין אַ רעסטאָראַן — ׳— קעלנער! וויפֿל האָב איך אַנגעזינדיקט?,,..
2. דורך (מיט) שלעכטער, ניט־ערלעכער אויפֿפֿירונג באַגיין לגבי עמעצן עוולות; טאָן, ברענגען עמעצן שאָדן פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש.

,

אָ, לגבי גאָט. אָ, קעגן נאָענטע חבֿרים. „וואָס האָסטו געטאָן צו דײַן צורת־מענטש? וואָס האָסטו אַזוינס אַנגעזינדיקט, מישטיינס געזאָגט?", יג פֿון מײַן גאַנ׳ צער מי.

-

מיט ז י ך — "ס'איז געווען איינער פֿון
יענע זומער־אָוונטן, וואָס אין זיי זינדיקן זיך
מענטשן אָן איבערן קאָפּ", ב. שקליאַר, אויף
אַלשע וועגן, קאַונאַס 1939.

אָנזיניק — אַדי. וואָס איז אָן (האָט ניט קיין)
זינען. אומזיניק. אומפֿאַרשטענדלעך. ניט־
שׂכלדיק. אָ'ע גזירה. „דער 'רעגן, [פֿון פֿאַפּירן]...
וואָס ווײַטער ווערט ער גרעסער, וואָס ווײַטער
אָ'ער", אי. קיפּניס איבז, אָסטאַפּ ווישניאַ,

אָנזלוקטיען זיך

מייכלען, כאַרקאָוו 1929. ־יקייט — „אַזאַ
אָ, ווי האָדעווען אינטעליגענטן וואָס קענען
נישט די קולטור פֿון דעם לעבעדיקן פֿאָלק",
אַ. גאָלאָמבּ, טאָג, 16 1968 III.

אנזינען (זײַן) — אוטוו. אַרכ. גורם זײַן
מע זאָל האָבן אין זינען. צוריידן צו עפּעס[?].
„איך זולכיש שוין מיט היפּליכי קומפּלימענט
וואָלין אפ לינין אונ, אים זולכי גרושי טרחה

[אונזר] ניט אנזינין זײַן“, גה, 25.

אָנזיסן — טרוו. זיס אָן, ~געזיסט. 1. מאַכן זיס. אַרײַנטאָן, אַרײַנשיטן עפּעס וואָס איז זיס (צוקער, האָניק, סאַכאַרין אע) אין אַ געטראַנק אָדער מאכל. אָ, טיי. אָ אַ געבעקס. 2. מאַכן זיס אַ סך, אַ גרעסערע צאָל. אָ אַלע בוטלען מיט אַגדעס. 3 פּיג. אָנפּילן מיט ,זיסע, אויסדרוקן. אָ, אַ רעדע, אַ רעצענזיע. ־ונג. ־עניש.

אָנזיפּן — טרוו. זיפּ אָן, ~געזיפּט. 1. דורכלאָזן, דורכרייניקן, אָפּרייניקן, דורכזײַען (עפּעס) דורך אַ זיפּ. אָ, מצה־מעל. אָ, גערשטן. 2. זיפּן אַ סך. אָ, עטלעכע זעק מיט מעל. מיט ז י ך. ־ונג.

אָנזיפֿצן — זיפֿץ אָן, ~געזיפֿצט. פּפֿ: ~ זיפצען. טרוו — אַרויסברענגען, אויסדריקן אַ געפֿיל דורך זיפֿצן און אָנוואַרפֿן דאָס געפֿיל

(די שטימונג). אָ, טרויער. אוטוו — זיפֿצן
אַ סך, אַ לענגערע צײַט. „ער איז מיר געזעסן
וו אַ נעכטיקער! קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.
י
האָט מיר אָנגעזיפֿצט אַן אָוונט און איז אַוועק„.
מיט ז י ך — „האָסט זיך שוין גענוג
אָנגעזיפֿצט“ ־עניש.
.
אָנזיצן — אַקוזוו. זיץ אָן, האָב (בין) ״י.,
געזעסן. זיצן אַ לענגערע צײַט און דורכדעם
עפּעס 'אויפֿטאָן,. אָ, מעריקן. אָ, מאָזאָליעס
אויפֿן הינטן. זיצן איבער ביכער און אָ אַ
,
דיפּלאָם.
אָנזיצן זיך — אוטוו. ← דפֿוו. כּסדר, אָן
אויפֿהער (אַ לענגערע צײַט) זיצן. אָ, זיך בײַ
דאָקטוירים אין די וואַרט־צימערן. אָ, זיך אין
אַמטן. ״— זעצט זיך! — אַ דאַנק, איך האָב
זיך שוין הײַנט גענוג אָנגעזעסן״. 2. ווערן
אָפּט באַשטראָפֿט מיט (צו זיצן אין) תּפֿיסה.
אָ, זיך אַ לעבן־לאַנג אין טורמעס. אָ, זיך יאָרן
אין טורמע און אַרויסגיין אַ טשאַכאָטעטשניק.
־עניש.

אָנזכותעוועןֹ — [... סכו'סעווען] אוטוו. ־
תעווע אָן, ~געזכותעוועט. האַלטן אין איין
פֿאַררופֿן זיך אויף אַ זכות; באַרימען זיך מיט
יחוס. אָ, מע זאָל מיינען ווער ווייסט ווער ער
איז.
אָנזלוקטיען זיך — אוטוו ־טיע זיך אָן, זיך

.

~געזלוקטיעט. □liog□i, □liau□□i: □□□ <.
לד (געווען אויך אין ניעזשין, טשערניגאָוווער
גובֿ,). זיך אַנטרינקען (איבער דער מאָס) מיט
משקה. אָנזשליאָקען זיך. אָנזויפֿן זיך. “נו,
האָסט זיך שוין אָנגעזלוקטיעט, וואָס נאָך
ווילסטו?”.

אָנזע

אָנזע — דער. מצ נבֿ. דזוו דאָס & דער אָנזען.
ער האָט ניט קיין אָ, בײַ מענטשן.
אָנזעאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנזען (זיך).
אָנזעאיק — אַדי. 1. וואָס מע קען (לאָזט
זיך) (אַנ)זען, דערזען. וואָס איז בולט. די
אַנדערשקייט דאַרף זײַן גענוג בולט, גענוג אָ,.
2. קאָנקרעט. בילדעריש. אַן אָ'ע אַנדערשקייט.

,,מע דאַרף אָ, זיך פֿאָרשטעלן דעם ייִדישן זאַץ
וו אַ קייט, וואו די רינגען קענען זיך בײַטן מיט
י

זייערער ערטער“, ימ, ייִשפּ 1 ,I-2 .2־איקייט.
אָנזעבאַר — אַדי. דטשמ. נר. דזוו דפֿוו. “מע
הערט דעם צאַפּל פֿון מיליאָנען אָ'ע ווערטער,,,
אָפּאַ, 1863. ,,אין דעם אויסערלעך קוים אָ'ן
מענטש — ליגט באַהאַלטן אָזאַ גרויסע קראַפֿט“,
פֿגעז, פּאַריז 6 l949, No־7.
אָנזעגלען — טרוו. ־גל אָן, י,,געזעגלט.
1. אויסשטאַטן אַ שיף (שיפֿל) מיט אַ זע ל
(זעגלען). 2. אָנציִען, אָנפֿעסטיקן זעגלען. אָ,
די שיף און זיך אַוועקלאָזן איבער די זיבן ימען.
“־— זעגל אָן די ווײַסע שיפֿן... סע וואַרט דאָס
קיניגרײַך פֿון יענער זײַט וועלט,,, יעקבֿ
פֿריד,
מאַן, פּאַסטעכער אין יע)ראָל, ת“אָ l953.
אָנזעגן — טרוו. זעג אָן, ~געזעגט. 1.
צעזעגן (צעשנײַדן מיט אַ זעג) אַ סך. אָ, עטלעכע
קלאַפֿטער האָלץ. ,,ברעטער האָט מען אָנגעזעגט
פֿון די מאַסטביימער, וואָס מע האָט געכאַפּט
בײַם ברעג,,, איבז, וול. לידין, שטילער אָדער
גרויסער, מינסק 1936. 2. אַ ביסל אײַנזעגן.

ניט אינגאַנצן דורכזעגן. אָ, די ברעטלעך און דערנאָך זיי איבערברעכן איבער דער קני. אָ, די פּאַניר־פּלאַטן אין איין און דעם זעלבן אָרט.

3. צוגרייטן, אויספּאַרטיקן אַ צאָל. אָ, 100 קליינע קלעצלעך צו מאַכן טאַפּאָריסקעס [= הענטלעך פּאַר העק]. אָ, לײַסטן צו מאַכן ראַמען. 4 פּיג. אָננודיען. צושטיין צו עמעצן

□

מיט פּאַרמאַטערנדיקע רייד. ,,דער בענקאַרט האָט מיר אָנגעזעגט אַ לאָך (אַ וואונד) אין האַרצן! כ'האָב געמיינט איך חלש,,. מיט

ז י ך. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אָנזעטיקן — טרוו ־טיק אָן, ~געזעטיקט.

□

1. שטילן (עמעצנס) הונגער דורך געבן צו עסן (געבן גענוג שפּײַז). אָנקאָרמענען צו דער זאַט. אָ, דעם אורח. אָ, די הונגעריקע פּליטים. "מיט שפּײַז און דערנערונג פּאַר די גלידער

האָט ער אונדז אָנגעזעטיקט □ מיטאַמאָל,,, ממוס, זמירות פֿון דאָס געלט זאָל מען אָנטרינקען

,,

די דאָרשטיקע, אָ, די הונגעריקע, באַקליידן די

נאַקעטע", ש. בעקערמאַן, די יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886. *מע קען אים נ י ט אָ, = א) ער האָט אַ צו גרויסן אַפּעטיט; בּ) האָט גרויסע אויגן און קען זיך מיט קיין זאַך ניט באַנוגענען.

2 פיג. זאַט מאַכן. אָנפּילן. מאַכן עס זאָל

.

זײַן גענוג. ניט קענען אָ, די תאווה. „די מלחמה שלינגט אײַן טאָג־אײַן, טאָג־אויס הונדערטער קרבּנות. מע קען זי ניט אָ'„. „צוליב דער

1527גע

דיכטער סובּטראָפּישער פּײַכטקייט, וואָס האָט אָנגעזעטיקט די לופט...„, איבּז, וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער, מינסק 1936.

3. אינגאַנצן צופרידנשטעלן פולשטענדיק

.

באַפרידיקן. איבערזעטיקן. אָ, מיט קונסט־אויסשטעלונגען. אָ, מיט ליטעראַטור. אָ, מיט גײַסטיקער שפּײַז. (מע קען זיי ניט) אָ, מיט פוסטע צוזאָגן. אָ, מיט כּבֿוד. אָ, דאָס א ו י ג = ווערן פול (אָנגעפילט); ווערן פאַרכאַפּט, באַצויבערט פון עפּעס וואָס מע זעט. אָ, דאָס אויג מיט

דער שיינקייט פֿון גאָטס וועלט. ,,דאָס פֿאָלק זעטיקט ווייניקסטנס אָן זײַן □ויג מיט די גוטיקייטן פֿון לעבן, וואָס עס זעט בײַ אַנדערע אין איבערפֿלוס,,, בעם III. ,,די נאַציאָנאַלע סבֿיבֿה האָט אים... אין אויער... אירע לידלעך... אַרײַנגעזונגען, מיט אירע פֿאַרבן דאָס אויג... זײַנס אָנגעזעטיקט,,, שנ, וועגן יודישע

שר□ .בער □ I.

4. מאַכן קרעפֿטיקער פֿולער, שטאַרקער.

אינטערעסאַנטער. ,,ער האָט אָנגעזעטיקט זײַנע ,מאָטיוון', בילדער און מעשׂהלעך מיט דער סימבאָליק און דער דורותדיקער שפּראַך פֿון זוהר און ענלעכע ספֿרים,,, שנ, שרײַבער אין מאַוו, פֿאַרבאַנד.

5. (פֿיזיק) מאַכן אַזוי אַז איין שטאָף קען ניט מער אײַנזאַפּן אין זיך דעם צווייטן שטאָף. אַזוי אָ, זאַלצוואַסער, אַז נאָך זאַלץ זאָל ניט קענען צעגיין. ,,געפֿינט זיך דער וואַסערדאַמף אין לופֿט אין אַזאַ סכום וואָס איז ניט גענוג אָנצוזעטיקן זי,,, מ. שולמאַן איבז. א. וו. צינגער, עלעמענטאַר־פֿיזיק I, מאָסקווע 1923.

אָנזעטיקן זיך — ← דפֿוו. צום ב1: ,,דער

כזית ברויט וואָס ער עסט אים כּדי ער זאָל האָבן כּח... ווײַל ער וויל זיך אָ',,, לדבֿ, נ,,י תּשי"ז. ,,נישטאָ בײַ דיר קיין שבת, קיין יומטובֿ, ביסטו דען אַזוי... הונגעריק וואָס קאָנסט דיך ניט אָ, סײַדן דו אַרבעטסט זאָ געפֿערלעך,,, ש. ג. הרכּבֿי, די געליהענע האַק, באָסטאָן 1911.

צום בּ2: זיך אָ, מיט תּאוות. ,,ווער ס'טראַכט נאָך געלט קען זיך ניט אָ, מיט געלט", מס, קהלת תּקע"ט, ה, 9. ,,זיי זענען ניט אין שטאַנד זיך אָנצוזעטיקן מיט אַלערליי פֿאַרגעניגנס,,, ספּ, סודות. "דער וואַלד האָט זיך מיט פֿולע רעגנס אָנגעזעטיקט,,, הל, בלאַט.. עפּלבּוים. ,,[ער] קאָן זיך ניט אָ, מיט דעם ריח פֿון ערד און וואַלד,,, קאָר I. ,,זיי קענען זיך ניט אָ'. די גאַנצע וועלט ווילן זיי אײַנשלינגען,,, לעאָן עלב꙳נ, ייִנגעלע־רינגעלע.

צום בּ3: ,,קבֿר און גיהנום ווערן ניט זאַט. אַזוי קען זיך דעם מענטשנס אויגן ניט אָ',,, מס, משלי תּקע,,ד, כז, 20. ,,אויף דעם סאַמעראָדנע שפּיץ באַרג... האָט זיך דאָס אויג נישט געקענט אָ, ꙳ גנים ופּרדסים, שטעט און שטעטלעך", פּרץ, חסידיש. ,,איך האָב זיך נאָך ניט רעכט אָנגעזעטיקט מיט דעם גליק", ש.

בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ״ג. „די ערשטע טעג האָב איך געגעסן מיט די אויגן די... שטאָט, די נײַע מדינה און די נײַע

אָנזען

מענטשן. מײַנע אויגן האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָ'„ מנק, מײַנע באַגעגענישן.
צום בּ4: ״לאָמיר זיך אָ, מיט
פֿרײַנדלעכקייט... וועלן מיר זיך טישען מיט
ליבּשאַפֿט„ מס, משלי תּקע„ד, ז, פֿ1. „קום און לאָזן מיר אונדז אָ, מיט ליבשאַפֿט צו געניסן דעם עוה„ז״, ר, יצחק האַמבּורגער, איבּז, פּלא יועץ, ווילנע 1898.
־ונג — „דאָס אָפּרייניקונג פֿונעם בלוט און דאָס אָ, זײַנע מיט פֿרישן זויערשטאָף קומט פֿאָר אין די לונגען„ ט. בּערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927.
אָנזעטן — דזוו אָנזעטיקן. „אַ רע־עין דער קען זײַן לײַב ניט אָ„ און מכּל־שכּן אַז ער קען ניט געבּן צו אַנדערע פֿון זײַן גוטס„ קה. „און פֿון דײַן גוטס טו מאַכן אָ, אונדזער לײַבּ„ איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. „איך האָב מיט וואָס אָנצוזעטן דײַן גוף, נאָר דײַן נשמה איז

הונגעריק,,, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,[זײַנע רייד] האָבן מיך נאָך ניט אָנגעזעט!,,, ייִל איבּז, נתן החכם, אַדעס 1884.

מיט ז י ך — ,,איידל געבּעקס, ווען מען עסט עס אין מיטן עסן פֿאַר הונגער דערמיט זיך אָנצוזעטן — דאַרף מען דעריבּער קיין בּרכה ניט מאַכן", חא, לז/א. ,,דער וואָס וויל די־וועלט דער וועט זיך אָ, פֿון בּיטערקייט,,, ר, משה בּר, נתן נטע איבּז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. ,,וואויל איז צו דעם מענטשן וואָס אויף זײַן טיש ווערן געטאָן צווייערליי זאַכן.

מע האָט אויף אים געזאָ▯ט דבֿרי־תּורה און מע האָט פֿון דע'ם — סעודה געגעבּן צו אָרעמעלײַט זאָלן זיך אויך אָ',,, נצ2, קנט/א. ,,און פֿאַר זײַן שיינע נאַטור, האָט ער זיך דרײַ יאָר מיט

קאַנטשיקעס גוט אָנ▯עזעט,,, דער קליגער מאַרשליק..., פּשעמישל 1910. ־ונג.

אָנזען — דאָס & דער, ־ס (מצ זן). 1.

חשיבֿות. וויכטיקייט. פּאָזיציע. אײַנפֿלוס. גוטער נאָמען. מלל פֿאַרטײַטשט ,ומצא חן ושׂכל טובֿ, (משלי, ג, 4): ,,אָנזעהן,,. בּאַקומען גרויס אָ'. ער האָט בּײַ זיי גרויס אָ'. ער איז אַ מענטש מיט גרויס אָ, אין דער געזעלשאַפֿט. געווינען (קונה זײַן, אײַנשאַפֿן זיך) אָ'. אַן אַקאַדעמישער

אָ, פֿון לערן אַנשטאַלט. ״ער ווש איין מאַן

גי

אַכפּרט צו פֿור זײַנן הערן אונ, העט איין גרוש
און זעהן״, טח, תזריע, הפֿטורה [מלכים ב,
ה, 1]. „ער האָט יעדן לויט זײַן אָ, אַ תּשובֿה
אַרויסגעגעבֿן„, ספֿר שבֿחי רמ״ל, לעמבערג,

יאָר? ״עס העלפֿט צו אַ שידוך טון, עס העלט
צום עסק. עס העלפֿט צום אָ, אין שטאָט„, אַש,
תּהילים־ייִד. „הייבֿן זייער אַראָפּגעפּאַלענעם אָ,
צווישן ייִדן״, ייִז, יאָשע קאַלבֿ. „עס איז
גענוג צו דערמאָנען אָן דעם הויכן סאָציאַלן אָ',
וואָס עס געניסן די קוועיקערס״, גרינ, איד און
וועלט. „[זײַן] אָ, האָט גענומען פֿאַלן. ס'האָט
געהאַלטן דערבײַ מ'זאָל אים מיט 'כּבֿוד,
אַרויסוואַרפֿן פֿון 'שטיבל'״, שמעון האָראָנטשיק,
,גאָטס משפּט'.

2. אויסזען. אָנבליק. געשטאַלט, אַסאָבע. ער
האָט גאָר אַ וואַזשנעם אָ,. „אַז דער יחוס איז
נישט שיין (אָדער:... איז מיאוס), דאַרף דאָס

אָנזען

אָ, זײַן שיין״, שוו [וועגן אַ כּלה]. „לקצר
רימיט [רימט] דען מאַן גאַר זער וויא דער

אמת אַך נאָך אַלין אַן זעהין גיוועזין איזט“,

גה, 275. „.... וואַר איין זער שינר פּרשון פֿון
אַן זעהן“, שאַר, עא. “.. אַ מיידל... ווינדער
שיין פֿון געשטאַלט און אָ',„ מסדר אגרת אָדער
איין נײַער בּריפֿשטעללער, וואַרשע 1858.
3. דרויסנדיקער, אויסערלעכער אויסזען פֿון
אַ זאַך. „אַ שטאָף מיט משונהדיקע קאָלירן.
האָט אינגאַנצן ניט קיין אָ,“. „.... שינה ווײַדן
העמדר דיא איין שין אַן זעהין האבּין“, משה
אײַזענשטאַט, איבּז, דרך הישר לא ן בּוחן,
אָרט? 1746.
4. פּנים. „.... און מע האָט זיי אַרטריבּן
פֿון פֿרעהס אָ'“, אַש, משה.
אָנזען — טרוו. זע אָן, זען אָן, ~געזען [אויך:
~געזעען]. 1. אָנקוקן, זען עפּעס (עמעצן).
מלל פֿאַרטײַטשט 'עין שזפֿתו, (איובֿ, כ, 9):
“אַן גיזעהן“ [תּי: „דאָס אויג האָט אים
אָנגעקוקט“]. אָ, די סחורה אין אויסשטעל־פֿענצטער.
„דא דר שראקן עשׂ דיא לוייט דא זיא אין זאהן
אַן“, שמואל בּוך, סטראָפֿע 283. “דו זאָלשׂט
איין אַשה אַפֿילו אַן קיין קליינן ינגר אַן

זעהן, דען דער יצר טוט דער דארך צו דיר
גינעהן,,, עיון, ו/ב. ,,עשׂ טאָר קיינר צו דעם
באַרג סיני גינעהנן, דר וואַר רײַנגליך די
שכינה אָן־זעהן,,, יענטע בת יצחק, עע)רת
הדבּרות בּיכל [אָנהייבּ 19. י"ה]. ,,האָבּ איך
מורא אָנצוזען דײַן שויבּ", סוצ □ עסטונג

,

2. אַ קוק טאָן. זען אַ בּיסל. באַגעגענען.
וועסט אים שוין אָ, ווי דעם נעכטיקן טאָג.
□ וועסט אים (זי) ניט אָ, מער פֿאַר די אויגן =
וועט מער ניט ווײַזן זיך, ניט קומען, וועט
פֿאַרשווינדן. וועסט אים אָ, ווי דעם (לינקן)
אויער (ווי דײַנע אויערן). ,,האָסט אים געליִען
געלט? — וועסט אים שוין אָ, ווי דײַנע אויערן,,.
*איך זאָל דיך מער ניט אָ, פֿאַר די אויגן =
א) זאָלסט ניט האָבּן די חוצפּה זיך צו ווײַזן;
בּ) אַ קללה. *ניט אָ, עפּעס = אויך: ניט נעמען
אין האַנט אַרײַן. *ניט אָ, די ליכטיקע זון
(שײַן) = זײַן פֿאַרטאָן פֿאַרהאָרעוועט אַ גאַנצן

,

טאָג. האָבּן שלאַפּע אויגן און ניט אָ, די
ליכטיקייט פֿון דער זון. מע זעט ניט אָן אַ
לעבּעדיקן מענטשן אויף דער גאַס. *מע זעט ניט
אָן קיין לעבּעדיקן מענטש(ן) = קיינער קומט

ניט אַרײַן. *מע זעט ניט אָן (אַפֿילו) קיין
לעבּעדיקן הונט = אַ קונה שמעקט ניט אַרײַן.
*ניט אָ, קיין צודת מטבּע = ניט פֿאַרדינען,
ניט לייזן קיין געלט. *ניט אָ, קיין בּרעקל
(שטיקל) בּרויט פֿאַר די אויגן = הונגערן.
,,אויף הוב זיא איר אויגן אונ, זאַך דען
הימיל אַן", ש מואל־בּוך, סטראָ□ע 20. ,,... גיבּט
עס לײַט אויף דיזי וועלט דיא וועלן קיין ספֿר
אַן זעהן אום קיין געלט", יוסיפֿון, אַמשט 1661.
פֿאַר מיאוסקייט... ער קאַן דאז כּלי ניט אַן
□ ——
זעהן", לט 1, ה/ב. ,,ווען איינר גיט אום גיפֿערט
אונ עשׂ קומט אים אַנטקיגן איין שיני אשה
אונ, ער האָט איין שׂמחה וואשׂ ער זי אַן
גיזעהן האָט... וועט ער אויך קומן בּמשפּט",
ספֿר חסידיט, תק"ז?, סימן קנה. ,,מע האָט

1523

קיין צײַטונג אין די אויגן ניט אָנגעזען", ש.
בּעקערמאַן, די יודישע קאָזאַקין, אַדעס 1886.
,,מע האָט גאָרניט געטאָרט אָ, אַ פּויער אין
דער גאַנצער גאַס פֿון קלויסטער", יק.
3. [דער אונטערשייד אין בּבּ 1 — 3 איז

אָפּהענגיק פֿון סיטואַציע] באַקוקן. זען אַ סך.
אָ, וואונדער פֿון טויזנט און איין נאַכט. אָ, די
פֿערד אויפֿן יריד. מ▯t פֿאַרטײַטשט ,בן פֿרת
עלי עין, (בּראשית, מט, 22): "אויף איטליכשׂ
אויג דז אים אַן זיכט". ,,דא זעכט אַן מײַן
ליבּן מן דודון דען יונגן שטרקן שטולצן
ריזן", בּבא־בּוך, 35. ,,צו לופֿין קאַמין אויז
אַל דיא לאַנד אונזר מלך אַן צו זעהן גערין",
יעקבֿ טויסק, איין שוין נײַא ליד פֿון משיח,
אַמשט 1666. ,,ער האָט אויף גירעכט איין אויג
און, דאשׂ אַנדרי האָט אַראבּ גינידרט די ישׂראל
אַן צו זעהין מיט זײַן עין הרע,,, נצ 1, יז/ג.

,,האבּ מיט ▯ לײַס אַן גזעהן ווײַבּר און, בּתולות,
עשׂ זײַ יהודיות אַדר נכריות... און, האבּ בּיזי
מחשבֿות גיהאט", עח, עד/ג. ,,ווען איינר וויל
נעמן איין ווײַבּ, זאָל ער... אַן זעהן זי אובּ
זי גפֿעלט אים,,, ספֿר חסידים, תק,,ז?, סימן
קנה. "די פֿרויא ווען זי אַן דר אַנדר נאַכט
פֿון ראָש השנה אַן צינד, מוז זי אוך איין נײַאי
פּירי פֿר זיך ליגן האבּן, און שהחיינו מאַכן
און די פּירי אַן זעהן", עפּש, דרך הישר לעולם
הבּא, שקלאָוו 1796, פּרק לז. ,,— קומט מיר
וועלן אײַך פֿירן אָ, אונדזער בּיבּליאָטעק",

פּה □ון ווײַטע לענדער. אָ אַ כּלה ← אָנשויען.

4. בּאַגעגענען אין לעבן. האָבן צו טאָן מיט עפּעס. איבּערלעבן. אָ, (אַ סך) גוטס. אָ, צרות און שלעק. זאָל איך אַזוי ניט אָ, קיין בּייז — בּײַם ווינטשן זיך אָדער אַן אַנדערן, בּײַם שווערן זיך. „ווער עס זעט אָן אַ סך גוטס אויף דע'ר־וועלט קען פֿאַרשפּילן יענע־וועלט“, שוו. „... ווי איך אַרמוט [= אָרעמקייט] ניט אָן זעהן...„ מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. “אַ בּחינה פֿון שאָטן און ניט פֿון ליכט וואָס מ'קען אָ'“, תּניא, סו.

5. געוויינלעך אוטוו. בּאַמערקן. דערקענען. “מן קאַן עז אים גלײַך אַן דעם פּנים אנזעהן“, קאַל ווב. “איך טו אָן דיר אָ, אַז דו דיך זייער מצער וועגן דײַן זילבּער“, ר, אַהרן מטריבש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר“ג. „יענער ווינטער... איז געווען זייער אַ שווערער פֿאַר ר, חיימען, דאָס האָט מען אים אָנגעזען גלײַך אין פּנים“, ממוס, שלמה. “האָט מען גאָרנישט אַנגעזען אויף אים, נישט קיין צער און נישט קיין פֿרייד“, אַש, תּהילים־ייִד. „צוליבּ איר קינד ווערט זי אינגאַנצן ניט אָנגעזען, ניט מיט איר שיינקייט, ניט מיט איר

שׂכל“, יד, אבֿן נגף. „עס איז פֿאַראַן אַ טיפֿ
מענטשן וואָס זעען אָן די פֿאַלשע העוויות...
פֿון דער... נײַער וועלט“, לדבֿ, נ״י 1957.
6. אַרויסזען. אָ, די שפּיצן פֿון די בערג.
אָ, פֿונדערווײַטן דעם קופּאָל פֿון דער צערקווע.
סלִיענדיק אָ, די קאָנטורן פֿון די
וואָלקנקראַצערס. „און מע זאָל [דעם קרבן פּסח] עסן
דווקא צלי און ניט געקאָכט, דאַרום ווײַל מע
וואָלט עס ניט אָנגעזען אין דעם טאָפּ. דאַרום

אָנזען

האָט מען באַדאַרפֿט בראָטן כּדי מע זאָל עס
אָ, בײַ דעם פֿײַער„, נצ2, קמא/ב. „אַ קאָשציאָל
אַזוי, ווי אַ יחסן פֿאַרריסן, אַז טאָג זאָל עס
אָ, און נאַכט זאָל עס וויסן“, סעג, איצטער,
נ„י 1948.
7. דערזען ווערטיקס, קומען אויף עפּעס
וואָס איז וויכטיק. אָ, גאָטס רחמים. אָ, די
שיינקייטן פֿון דער וועלט. „דער ליבֿי גאָט
אבֿיר דער אונזיר און שולט אַן גיזעהן
האָט...“, גה, 120. „הש„י בּ״ה... ווערט
אַן זעהן אונזער תּשובֿה אונ פּײַן„, ר, יהודה
ליבֿ בּר, משה זעליחבר, חזן וסופֿר, שירי

יהודה, אַמשט 1697. ,,מורינו הבעש"ט נ"ע האָט זיך ניט געוואָלט מגלה זײַן. אין דעם... זעען מיר אָן צוויי זאַכן...,,, לדב, נ"י תשי,,ז, קלח.

8. אָננעמען. האַלטן אַזוי ווי.... אָ, עמעצן פֿאַר אַ משוגענעם. אָ אַ ריכטיקע טענה. ,,ער

,

מאַכט זיך היפּש שין אַן דיא האַר אונ, וואַשט זיך זויבּר כּדי דז מען זאָל אים פֿר איין פֿײַנן מאַן אַן זעהין,,, נצ 1, במדבּר, יח/ג. ,,טוט דיך יענר פֿר איין גנץ גרושׂן פֿײַנה בּריה אַן זעהן, גיהערשׂטו מודה על האמת צו זײַן", עיון, יח/א. ,,יחוס אַליין איז צו קליין, קיינער וויל דאָס הײַנט ניט אָ'", ש. בּערנשטיין, ר, יאַכצי דל גאה, קעשענעוו 1884. ,,מע זעט אין אים נישט אָן נישט קיין גוטן פֿרײַנד, נישט קיין שׂונא", ממוס, אַ סגולה....

9. נעמען אין אַכט. פֿאַררעכענען.

בּאַטראַכטן, בּאַנעמ□ן. בּאַקלערן. מע דאַרף די זאַך פֿריִער אָ', און דערנאָך וועט מען זען. ,,ווער דא וויל קענין איין מאַן זאָל זעהן זײַן חבֿר אַן,,, ר, שמואל חיים נײַאגאַס, שבעה משקין, פּפֿדמ 1774. ,,דען ווי איינר דען אַנדרן אַן

זיכט דא קומט אים אַנדרי גידאנקן צו,,, לט1
י/א. ,,אַ גראָבן... אויב ער גייט דורך פֿון
אָנהייב ווײַנגאָרטן ביז צום סוף, ווערט דאָס
אָנגעזען ווי צווישן צוויי ווײַנגערטנער און מע
מעג זייען דערין,,, זרעים, מג/ב. ,,טאָר דער
מלווה ניט וואוינען בײַ דעם לווה אומזיסט,
ווײַל עס ווערט אָנגעזען [ווי] רבית“, שבילי
המלמדים, בבא מציעא, וואַרשע 1865, יט/ב.

1O. אײַנזען. אויסגעפֿינען און באַשליסן.
,,דעניני מסים זול מאַן אונ, ווייַכ ניט גיטיילט
זײַן, איקליכר זול אַן זאגין, וואז ער הוט
אודר זײַן ווייַב, די שמאים זולן אַן זעהן וואז
זײַן ווייַב איז פֿיר איין בעלת מחיה,,, תקק.
,,... הבין מיר דאָס פֿיר גוט אנגעזעהן דאָס
ווען בעלי־חבֿרה דא זײַן זאָל השמש געהן
אצל פ,,ה [= פרנסי החודש]“, 'תקנות פֿון
פֿראָגער חבֿרה קדישא', תנ,,ב [□□□□'□h□
□e□□d□□ .]. ,,דרום זולן די אומות ניט אַן זעהן
מיך צו פֿר שמעהן פֿון וועגן מײַני
שוואַרצקייט פֿון וועגן דיז איך האב עטליכי ביזי
...
מעשים אַן מיר“, מחזור שלש רגלים, אַמשט
1713. ,,דא ער... אהן גיזעהן. העט אַז זאָלכי
בילבולים שקרים זײַן,,, 'כ,,י וועגן מעצער

עלילת־דם', 1669 [פֿש III].

11. אַרכ. דערזען. "לעכטווירט זיך גוט

אָנזען זיך

מיין דר באַרמן אונ, ווערט אַן זעהן מײַן פּײַן,,,
שמואל־בוך, סטראָפּע 1483.

12. מיט נ י ט ק ע נ ע ן. ניט וועלן האָבן
צו טאָן מיט עמעצן, מיט עפּעס פֿײַנט האָבן.

.

איך קען אים (זי) ניט אָ'. ניט וועלן אָ, עמעצן
פֿאַר (אין) די אויגן. ניט קענען אָ, ווי
עבֿודהזרה. ,,עס זײַנען פֿאַראַן אַפֿולע אינטעליגענטן
וואָס האָבן זייער האָלט דאָס ייִדישע פֿאָלק
און קענען פֿאָרט ניט אָ, די ייִדישע שפּראַך",
זשיט , נ,,י 1917. *מײַן בלוט קען אים ניט
א, = איך קען אים ניט סובֿל זײַן פֿאַרטראָגן.

,

אָנזען זיך — ← דפֿוו. 1. אָנקוקן זיך.
אָ, זיך אין די ריינע וואַסערן פֿון דער אָזערע.
,,זיך זעלבערט אין שפּיגל אַן זעהן", ספֿר משלים,
פֿפֿדמ 1686. ,,ווען איך ניט זוכה בין דז שוין
מענש צו האבן דא וויל איך מיך וואול אַן
זעהן", בראַנט, פּרק יד.

2. זען אַ סך, פֿאַרשיידנס (טשיקאַווע, אויסטערלישע זאַכן). אָ, זיך אָן אַ שיעור זאַכן. אָ, זיך אַ סך וואונדיירים. „די גרויסע וואונדער וואָס איך וועל דאָרט זיך אָ'„, אמד, דיא וויסטעניַיא זאַהאַראַ, ווילנע 1868, „די וויסטע חלומות וואָס איך האָב זיך אָנגעזען אַ גאַנצע נאַכט“, ממוס, „בּישיבֿה של מטה„. „וויי־וויי וואָס מע זעט זיך אָן אונטערוועגנס„, שע, איַיזנבּאַן־געשיכטעס. *זיך אָ, אַ וו ע ל ט = אין פֿאַרשיידענע לענדער, בּיַי כּלערליי לעבּנסיטואַציעס.

3. מיס פּרעפּ מ י ט. האָבּן צו טאָן מיט פֿאַרשיידענע ענינים, געשעפֿטן, דורכלעבּן כּלערליי סיטואַציעס. „מיט וויפֿל זאַכן אַ מענטש זעט זיך עס אָן אין לעבּן„. „אויף ווייץ פֿרעגט מיך. איך האָב זיך אין מיַין לעבּן געַנוג אָנגעזען מיט ווייץ„, ממוס, אין אַ שטורם־ציַיט.

4. זען בּוֹלט, קענטיק. געזען ווערן קלאָר, שאַרף. „האָט זיך זייער אָנגעזען... דער איז געווען זייער אַ ווילדער חכם און דער איז געווען זייער אַ גרויסער תּם“, נחב, 'מעשׂה בּחכם ותּם'. „בּיינער זענען וויַיס, זעט זיך דערויף בּעסער אָן אַ כּתבֿ, ווי אויף אַן אַנדער זאַך„, נצ2, קסח/א. „אויף ווערסטן וויַיט האָבּן

זיך אָנגעזען די אויוונס פֿון טרעבלינקע, אויף ווערסטן ווײַט האָבן זיך אָנגעזען די קוימענס פֿון מײַדאַנעק„, פמ, מלחמה.

5. זען אַ ביסל, אומקלאָר, אין אײַלעניש. אָ, זיך אַ פּנים אין דער טונקלקייט און ניט דערקענען. „אַ מענטש ווען ער רעדט... איז דאָך די פּאַרע פֿון דעם ריידן... זעט זיך אָן„, תּניא, נב. „קוקן ווײַט, ווײַט וואו ס'האָט זיך אָנגעזען אַ שפּיץ פֿונעם שטעטל־טורעם“, א. קאַגאַנאָווסקי, 'אונטערן פֿליגל פֿון בית־עלמין'.

6. באַמערקן. דערקענען. „צדיקים זעען זיך נישט אָן, רשעים רוקן זיך אַרויס“, שוו. „זי איז שוין אין פֿערטן חודש, אָבער עס זעט זיך ווייניק אָן“. “מע טאָר ניט אַרײַנמישן אין גוטע תּבֿואה אָדער פּירות אַ ביסל שלעכטע וואָס עס זעט זיך ניט אָן„, חא, מט/ב. „אויף איר פּנים האָט זיך שוין אָנגעזען אַ איבערגעלײַטערטקייט“, ווײַס, 'אַ טאַטע מיט בנים'.

7. באַטראַכטן זיך. „ער... זאָל זיך אָ, און זאָל מיינען אַז דער [וואָס טוט גוטס] געפֿעלט בעסער פֿאַר גאָט„, חה, רנו. „אָנזעענדיק זיך

וואָס עס טוט זיך אין דעם בעל־הבּתּישקייט...,
געמט שלמהלע און ווערט אַ בעל־הבּית אויך
בּײַ זיך“, ממוס, שלמה.
8. האָבּן אַ ווערט. שפּילן אַ ראָלע.
אויסטיילן זיך. „ער זעט זיך דאָרטן זייער שטאַרק
אָן„. „וואָס קען זיך אָ, אין אַ גרויסער משפּחה
נאָך אַ ייִנגל בּײַם טיש?“. „זײַן גאַנץ פּאַרמעגן
בּײַ זיך אין שטעטל וואָלט ערגעץ אַנדערש זיך
אָנגעזען ווי גאָרניט„, ממום, שלמה. „וואָס זעט
זיך בּײַ אַ רײַכן פּריץ אָן אַ הונדערטער?„,
ה. אַקערמאַן, טמז, 14 □ 1969 I.
9. אָננעמען (על־פּי טעות). אויסדאַכטן זיך.
אין שיינע מלבּושים זיך אָ, ווי אַ פּריץ. „עס
האָט זיך מיר אָנגעזען אַ בּאַקאַנט פּנים, לסוף
איז עס געווען אַ ווילד־פּרעמדער„. "'הטבֿע,...
זעט זיך אָן גלײַך ווי די וועלט שטייט און
פּירט זיך אין אַ נאַטירלעכן וועג“, תּניא, קס.
־עכץ.   ־עניש — „זיא גימיינט האבּין
איך זער וואול אַן קום, ווי עשׂ אַך אַלזו דאשׂ
אַן זעהינש גיהאט האָט“, גה, 289.   ־ער —
„זאָל קומן (אליהו הנבֿיא) צו זאָגן דיא
בּשׂורה... ווערדן אַל אונזרי אַן זעהר אויף היבּן
איין שטים צו לובּן דיך„, מחזור שלש רגלים,
אַמשט 1713. „דו זאָלסט אונדז געבּן

לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן און אין אַלע אונדזערע אָ,״, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. ־ערײַ.

אָנזענגען — טרוו. זענג אָן, ~געזענגט. אַרכ. מייִ. פּד. אָנסמאַליען. צוסמאַליען. אַ ביסל אָנבּרענען. ,,דען עשׂ איז ניט מיגלך ווען דאשׂ

פֿײַאר שטעקט אין דאָרן און אין דיא שטנגן. אַז עשׂ מעכשׂ זיא ניט פֿר בּרענן אבּר אַן זענגן,,, עיון, י/ב. ,,אַ געוועט, ווער עס וועט... איבּערשיסן האַרט איבּער אַ מיידלערישן קאָפּ און אָנזענקען מיט דער קויל בלויז די שפּיץ האָר,,, ייִז, שטאָל און אײַזן. ־ע ן. ־עניש.

אָנזענדלעך — אַדי. אַרכ. אויך: ~זענטלעך.
1. וואָס מע זאָל אָנזען. ,,אונ, אים צו מאַכן אַן זעהנדליך צו רײַטן אין איין קיניגליבי רײַט וואַגן,,, צאינה תּרגום שני, קצא/ב.
2. וואָס האָט אַ גוטן אויסזען. ,,איין מעכטיג קיניג האָט איינן פֿרינצין, וועלכיר אין אַלי וויסנשאַפֿט ערפֿארין וואַר, אונ, אַך אַן

זעהנטליך פֿון פּארשון,,, מע״ה... דבר פּלא מלוקט מספֿר כּפֿתּור ופֿרח, פֿיורדא 1723.

אָנזענלעך — אַדי פֿרגל אָנזיכטיק. 1. אַרכ.

.

וואָס מע קען אָנזען, וואָס לאָזט זיך זען, (באַ)־ מערקן. ,,אויב מיר מײַן הערטץ אים לײַב שונט ממש צו שפּרונגין, האבּי איך מיר דאַך קיין אַן זעהנליכין צער טרײַבן וואָלין“, גה, 226. 2. וואָס זעט זיך אָן. ממשותדיק, באַדײַטנדיק, אָנזעעוודיק. ,,... ענגילשי אַלשׂ אויך איטאַל אַנישי סחורות... אין אַן זעהנליכי

י

קוואַנטיטעטן“, אגרת שלמה, ג/ב. ,,די גבּאים וועלן אויך אַ חשבּון געבּן איבּער דער אָ'ער

אָנזעעוודיק

נדבֿה וואָס זיי האָבּן צוזאַמענגענומען,,, ק״ו, 9 1867, No. ,,איך האָף אַז איר וועט... זען צו העלפֿן מיר מיט אַן אָ'ער סומע, כּדי מײַן ווערק זאָל קאָנען וואָס גיכער ערשײַנען“, דר, מ. זאַלקינד, פּב [ייִבּל 7 ,XIII־8]. “אין די קורצע צײַט... איז באַשאַפֿן געוואָרן אַן אָ'ע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור“, בעמ 3 .I. וואָס

איז אָנגעזען. חשיבותדיק. וויכטיק. „און, עשׂ וואַר אונטר זיא איין אַלטיר (תּוגר) און, ער וואַר איין אַן זעהנליכר מאַן“, שאַר, ג'. „די גזע זײַנע איז געווען פֿון אַ זייער אָ'ער משפּחה“, יצחק משה באַדער, צביה פֿון אַדעסאַ, לעמבערג 4 .1905. וואָס האָט אַ גוטן אויסזען. „זיכט ער איינום הוכן אנזעהנליכן פּרשאן, פֿון גלײַכר שטאַטורן“, הבּחור חנוך סג„ל מפֿרנקפֿורט דמיין איבֿז, אגרת בּעלי חיים, הענא תּע„ג.

אָנזעסיק — אַדי. וואָס וואוינט בּאַשטענדיק אויף איין בּאַשטימטן אָרט (שטאָט, לאַנד). די אָ'ע אײַנוואוינערס. אָפּט סובֿ מיטן בֿ: תּושבֿ. ־ער — תּושבֿ. מלל פֿאַרטײַטשט 'כּשׂכיר כּתושבֿ, (ויקרא, כה, 40) — „אנזעסיגר„.. אָ, ז ײַ ן , אָ, וו ע ר ן. „לויטן אוקאַז... ווערט ערלויבּט ייִדן מיעשטשאַנעס צו וואוינען און זיך בּאַשטענדיק אָ, צו מאַכן אין ניקאָלײַעוו“, קמ, 18 1866, No. „בּיז אַהער פֿלעגן נאָר סאָלדאַטן דאָרט [אין כאַרקאָוו] אָ, זײַן„, דאָרטן, 50 1868, No. [אין כּלל־ייִדיש נר.] ־יקייט.

אָנזעעוודיק — אַדי. 1. וואָס מע קען (לאָזט זיך) גוט אָנזען, אָנקוקן, בּאַמערקן. אַן אָ'ער

בנין. אַן אָ'ע סימעטריע. „וואָס ווײַטער די שיף רוקט זיך אָפּ, אַלץ אָ'ער און וויכטיקער ווערן זיי [די וואָלקנקראַצערס]“, דא, פֿון בערלין ביז.... „דאָס טהרה־ברעט אָדער די מיטה... [האָט מען] אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָ אָרט וו אַן אָנשרעק פֿאַר די בעלי־דין און

י

עדות, אַז זיי זאָלן ניט זאָגן קיין ליגן„, אַבֿרהם רעכטמאַן, ייִבל XI II פֿאַראַן אין דער תּורה

„ .

כלערליי שלייערן... אָ'ע און אומזעבאַרע„,
א. ליפֿינער, איק, פּסח תשכ„ד. „זעצט ער זיך שווײַגנדיק און זײַן רחמנות־שמייכעלע ווערט אָ'ער, נאָר סודיקער„, ל. אָליצקי, ישיבֿה־לײַט, תּ אָ 1968.

”
2. בּולט, ניכּרדיק. „איינע אַליין צווישן מענער איז זי מער אָ'„. „דאָס וואָס איז מער אָ, אָדער מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק איז מסתּמא אויך דאָס טיפֿע פֿאַרוואָרצלטע און טיפֿישע“, לל, ייִבל XXXII ־XXXI. „אין תּוך האַנדלט עס זיך בלויז וועגן ניואַנסן און ניט וועגן אָ'ע דיפֿערענצן אין דער טעמפּעראַטור פֿון סטיל“,

ש. ביקל שרײַבער פֿון מײַן דור I.

3. אָנגעזען, רעספּעקטירט. וויכטיק. חשיבֿותדיק פֿאַרקערפּערטע גײַסטיקע ענערגיע אויפֿן „ . אָ'ן שטח פֿון געשיכטע„, גרינ„... טאָגבוך.

„ער האָט... געוואוסט, אַז דווקא בײַם סוף ווערט ער אָ'ער און זײַן וואָרט מקוים־געוואָרענער„, יג, תּוך. ־יקייט — "זײַן אָ, ווערט אַ הונדערט־פּראַצענטיקע", מאַרגאָשעס, טמז 21 1952 II.

אָנזעניש

אָנזעעניש — דאָס (די), ן. 1. דזוו אָנזען, סוב. „הטבעת מאַכט צוואהרן אַן זעהנש גינוג פֿאַר דעם מעות„, אגרת שלמה, ז/ב. 2. דאָס ערשטע מאָל פֿון חתן־כּלה־באַגעגעניש (בײַ אַ גערעדטן שידוך). מאַכן די אָ, בײַם רײַכן פֿעטער.

אָנזעסטיקן — דזוו אָנזאַפּטיקן ←. „האָט...

אַ ניצוץ פֿון יענע סוד־חלומות...
אָנגעזעפּטיקט די שטומע לופֿט מיט רײַכע ריחות,,,
יהואָש, 'ווי האָט ער עס געמיינט'. ־ונג.
אָנזעץ — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנזעצן. אָ, פֿון ביימער. אָ, פֿון מענטשן
אין זאַל. אָ, אין די זײַטן, אין די באָקעס. אָ,
פֿון קליינע אותיות.
2. אַקט פֿון ניט (באַ)צאָלן חובֿ(ות). באַנק—
ראָט. פּליטה. מ אַ כ ן אַן אָ,. אַן אָ, אויף
שיינע עטלעכע טויזנט קערבלעך. ,,בײַ אַ גבֿיר
זעט זיך ניט אָן אַן אָ,,,, שוו פֿילע האָבן זיי
.,,
חושד געווען אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ קונץ,
דאָס זיי מאַכן מוטוויליק אַן אָ'", מ. ב
זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט III, וואַרשע 1887.
,,אַמאָל אַז איינער האָט זיך געשטעלט,... ניט
געוואָלט צאָלן, האָט מען דאָס גערופֿן אָ',,, שע,
,פּורים'. ,,דער הויפּט־ערלעכער מאַן האָט
געמאַכט אַ גרויסן אָ'... אין דעם געפֿינען זיך
אַ סך אַלמנותע, יתומישע, אָרעמע בלוטיקע
געלט", ג. ח. לעוונער, דיא פֿאַלשע חתן כלה,
ווילנע 1897. אָ,־ג ע ל ט — חובֿות וואָס מע
קען (וויל) ניט באַצאָלן בײַ אַ באַנקראָט. ,,
קיינער האָט ניט געוואוסט צי אים אַליין איז פֿון

דעם אָ־ג, געבליבן“, בערג, אַרום וואָקזאַל.

3. דאָס וואָס זעצט זיך אָפּ; שיכט (דיקע הויט) וואָס לייגט זיך אַוועק (אויף עפּעס). אָנלייג. אָ, פֿון זשאַווער. אָ, פֿון חלבֿ. אָ, פֿון שמאַלץ אויפֿן דעק פֿון טאָפּ. „הער איך אַ שלעכטן ריח, מיט אָ, שמעקט“, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן 1894. „הושענא־ביימער וואָס זייערע צווײַגן... זײַנען באַדעקט מיט אַן אָ, פֿון וואַקס, אַזוי ווי מיט אַ טוי־געפֿראָר“, ז.

ווײַסמאַן איבז, י. פּאָליאַנסקי, בלי □ון געוויקסן, קיִעוו 1927. “אָ, פֿונעם שלונג בײַ קראַנקע אויף דיפֿטעריע“, ט בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927.

אָנזעצן — טרוו. זעץ אָן, ~געזעצט.

1. אויסזעצן, אַוועקזעצן אַ סך (צו פֿיל, עס זאָל ווערן ענג). אָ, קאָפּ אויף קאָפּ, אַ שפּילקע ניט דורכצורוקן. „וואָס האָסטו אָנגעזעצט אַזוי פֿיל מענטשן?“. „איר האָט אונדז פֿאַרדונגען אין [פֿאַר] צווייען די בויד, צום סוף האָט איר אָנגעזעצט אַ פֿולע בויד מיט פּאַרשוינען“, ברוך שפּטרני, וואַרשע 1880. “ועלן [די מלכים און שׂרים] אײַנשפּאַנען זייערע בעסטע □ערד אין גאָלדענע קאַרעטעס און וועלן אַהין אָ, די ייִדעלעך מיט ווײַב און קינדער... און פֿירן

ז אַלס מתּנה צו משיחן“, י􀀀tראל רוחמובסקי,
יִ׳

זכרונות..., פּאַריז 1930.
2. אַ סך אַרײַנרוקן, אַרײַנשיבן מיט אַ
לאָפּעטע אין בּאַקאויוון. מע זעצט אָן אין אויוון
בּרויט און חלה. אָ, אַ פֿולן אויוון מצות.

153()

3. אָנשטאָפּן. אָנלייגן. אײַנזעצן, אײַנשפּאַרן.
אָ, דעם שטרויזאַק מיט שטרוי. אָ, די טורמעס
מיט רעוואָלוציאָנערן, מיט בּונטאָווטשיקעס.
*אָ, די קישקע = זיך גוט אָנעסן.
4. אָנפֿלאַנצן פֿאַרפֿלאַנצן אַ סך. אָ,
בּיימע,
לעך אויף די בּערג. אָ, די בּייטן מיט אוגערקעס.
5. געדיכט אויסלייגן, בּאַדעקן אַ שטח מיט
עפּעס. דער ווינט זעצט אָן שטויבּ אויף די
בּילדער. „אַ בּעלנות פֿון מענטשן, מע זאָל נעמען
אָ, אַ גאַס מיט שפּיציקע שטיינער„, אַר, ,די
בּאַשערטע,.
6. (דרוקערײַ) זעצן, אויסזעצן אַ סך (צו
פֿיל). אָ, עטלעכע (איבּעריקע) גראַנקעס. אָ, צו

פֿיל זײַטן.

7. געבֿן, דערלאַנגען קלעפּ מיט די פֿויסטן. אָנבֿוכצען. ער האָט אים אָנגעזעצט די זײַטן. איך האָבֿ אים אָנגעזעצט וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן.

8. אַרײַנשטעלן, אַרײַנפֿאַסן אין עפּעס, אַרויפֿטאָן אויף עפֿעס. אָנסילעווען. אָ, די קרוין מיט זעלטענע שטיינער. אָ, פּאַטשערקעס אויף אַ פֿאָדעם.

9. אָנשטעלן, באַשטימען, אַרײַנזעצן אויף אַן אַמט, שטעל(ע). שווב פֿאַרטײַטשט 'מנה, — „אַן זעצין“. אָ, אַן אַמט מיט לא־יוצלחס. „אַוודאי מיינט ער, אַז ער וועט אָ, אַלע זײַנע

אונטערלעקער„, מ. ט▯טש, אַרום דער ▯אַבֿריק, מינסק 1929.

10. אַרכ. אָנגרײַפֿן. אַטאַקירן. באַלאַגערן. „ובליל ב'... האָט דער טירק צווייא מאָל בײַאי דעם בֿורג טאָר אַן גיזעצט„, באַלעגערניש

[▯, 1937, ▯.▯]▯(M].

11. אויך אוטוו. [די פֿערזאָן ווענמען מע זעצט אָן אין דאַטיוו] (אָפֿט מיט כוונה) ניט (באַ)צאָלן קיין חובֿ(ות). באַנקראָטירן. אָ, די קרעדיטאָרן. אָ, און אויסשטעלן אַ פֿײַג. אָנגעזעצט און רוף אים קנאַקניסל. אָ, דעם צוגעזאָגטן נדן [

אַקוזאַטיוו]. „אַז מע זעצט איינעם אָן (געלט), זעצט יענער אויס (די פֿענצטער, די ציין)“, שוו. „לפֿט איינר אַוועק און זעצט אַן, שטילט עש ניט תּוך חצי שנה, הוט ער זײַן חזקה פֿר לויון אויף ג, שנים„, תּתּק. “... מחמת ער מעכט סוחרים אַן זעצין... עז איז קיינר פֿון זײַן בּעלי חיובֿים דער אויף איהם קלאגין ווירט“, 'כּ״י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. „... ניט אָ'דיק דאָרט אַ גראָסן, וואָס די הײַנטיקע וועלט האַלט עס גאָר פֿאַר קיין זינד“, אמד, עוזר צינקעס אונ דיא ציג, ווילנע 1868. „אַז זיי [די סוחרים] קומען צום צווייטן מאָל פֿון לײַפּציק צוריק, זעצן זיי תּיכּף אָן“, ווז, 'דאָס בּיסאַלי מינץ, [ייִבֿל XIII, 1־2]. “אַ שוואָגער זײַנער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט טאַלקעס, האָט אָנגעזעצט און געמאַכט פּליטה“, ממוס, שלמה

פֿפֿ: א, ווי א דרייער, וו אַ פֿאַרד, וו אַ

חכם, ווי אַ שוטה; רײַך ווי נאָכן אָ'.

12. אוטוו. (אַנטוישן איבּערן) ניט קריגן עפּעס וואָס מע האָט זיך געריכט אויף דעם.

ניט געבן, ניט צושטעלן. „דער רעגן האָט

אָנזעצן זיך

אונדז אָנגעזעצט, ער איז אַוועק אַנדערשוואו„.
„די געסט האָבן אָנגעזעצט, זיי זײַנען ניט
געקומען„. *אָ, אַ מנחה (מוסף אע) = בכּיוון ניט
דאַוונען אָדער פֿאַרגעסן צו דאַוונען. אויך:
... אַ קדיש אע. „ניט געאַקערט, ניט געזייט
אויס מדרא, טאָמער וועט די ערד זיי אָ', ניט
אַרויסצוגעבן קיין תּבֿואה“, ממוס, ווינטשפֿ.
„האָט געטראָפֿן אַז אויפֿשטייענדיק אַ רימאָרגן
האָט דער גלופֿסקער עולם פֿון טײַך קיין סימן
ניט געפֿונען. ער האָט אָנגעזעצט... יבֿש“,
דאָרטן.
אָנזעצן זיך — ← דפֿוו. 1. צום בּ1 אאַ:
אָ, זיך איינס אויף דאָס אַנדערע. שטויבּ זעצט
זיך אָן אויף די ביכער. אָ, זיך ווי פֿליגן אויף
צוקער (פֿליגן־פּאַפּיר). אָ, זיך אין בויד, די
פֿערד זאָלן ניט קענען רירן פֿון אָרט.
אײַנהיטן אונדזערע לײַבער אַז עס זאָל זיך אויף
זיי מער ניט אָ, קיין מכּות“, דער קליינער כּל
בּוניק [זבּ], אַדעס 1885 פֿיג. „די נאַכט די
.

פֿינצטערע האָט זיך אָנגעזעצט רײַטנדיק אויף די וועלדער, אויף די סטעפּעס און אויף די לאָנקעס", אי. קיפּניס, איבֿז, אָסטאַפּ ווישניאַ, שמייכלען, כאַרקאָוו 1929.

2. צושטיין (מיט אַ סך טענות, רייד, פֿאָדערונגען). ווערן זייער צודרינגלעך. נגען. יאַדען. דערקוטשען. אַלע (די גאַנצע משפּחה, די גאַנצע שטאָט) זעצט זיך אָן א ו י ף מיר און.... „האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר און דערגייט מיר די יאָרן". „וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? ווען פֿון מיר קיין זאַך ניט דערגיין". „האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים, ער זאָל... פֿאָרן פֿאַר אַ לערער אין אַ קליינער שטאָט", בערג, בײַם דניעפּער II. „וואָס ווילט איר פֿון מיר?... וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט איבער מיר? כ'בין קיין רבי נישט!", אָפּאַ. „כ'מוז אים לײַען אַ הונדערטער, האָט ער אויף מיר זיך אָנגעזעצט. געליִען אים דעם הונדערטער און ער האָט מיר אָנגעזעצט", טמז, ▯ (▯24 ▯19 II.

3. אָנהענגען זיך; אָנוואַרפֿן זיך; אָנלייגן זיך. ▯אַלן צו לאַסט. ווערן אַן אויספּרעסער, ווערן אַ שׂונא. אָ, זיך אויף דעם אָרעמען קרובֿ און אויסצאַפּן פֿון אים ביז אַ גראָשן. אָ, זיך אויף

עמעצנס פּ ל ייִ צ ע ס , פֿרעסן און זויפֿן אויף
זײַן חשבון. „וואָס האָסטו צו דײַן פֿאָלק
ישׂראל? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דײַן
פֿאָלק ישׂראל?„, ר, לוי־יצחק באַרדיטשעווער.
„... וואָס האָבן רונד אַרום זיך אָנגעזעצט אויף
מיר“, תּי, תהלים, ג, 7 [אשר סביב שתו עלי'].
„האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט איך זאָל אים
געבן געלט“, צ. ז. רובּינשטיין, דער
שרעקליכער קנס—מאָל, אַדעס 1883. „לעבסט ניט פֿאַר
זיך, זעצסטו זיך נאָך אָן אויף יענעמס לעבן„,
ממוט, הבּהמות. „וואָס בּין איך דאָס עפּעס אַ
גבֿירינטע, וואָס דו האָסט זיך אָנגעזעצט אויף
מײַן האַלדז?“, ע. בּ. [עוזר בּלאָשטיין], אַ מאַנן
אויף אַ געלעכטער, ווילנע 1894.
פּפֿ צו די בּבּ 2־3: אָ, זיך ווי דער אַסעסאָר,
וו אַ בּייזע ווײַב, ווי אַ בּייזע (זלידנע) פֿליג,
י
ווי אַ געשוויר, ווי אַ מכּה (בּצדו), ווי אַ

בּראָאָנזעצער

דעווקע, ווי דער פּראָצענטניק, ווי אַ גוטער
מאָנער. אָ, זיו ווי אַ זאַקוטניק.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אָנזעצער — דער, ־ס (אויך מצ ווי אצ). ווג ־קע, ־ס. 1. ווער עס זעצט אָן, באַצאָלט ניט קיין חובֿות. ווער עס באַנקראָטירט, שטעלט זיך. "גאָט איז ניט קיין אָ'";; „לא כל אָדם זוכה צו שטאַרבן אַן אָ", שוו. „אַן אָ'... איז פֿיל געפֿערלעכער אַלס אַ גנבֿ, דען פֿון אַזעלכן קאָן מען זיך אײַנהיטן מיט אַ שלאָס, אַן אָ, אָבער באַקומט אַרויס דעם גראָסן פֿון אונטער זיבן שלעסער", אמד, דבֿרי יושר, ווילנע 1863. „אַלע קאַזיאָנע אָ'ס... ווערן באַפֿרײַט פֿון דער תּפֿיסה...", קמ, 44 1866, No. „מיט 'בע, סילוקט אַ שווינדלער, אַן אָ', אַז די בעליחובֿות טרעטן צו מיט שטאַרקע טענות", ממוס, פֿישקע. „— אַוודאי האָט דאָס... די פֿרעסערקע, די אָ'קע געזאָגט", י. בנדזאָהן, דער גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927. „קומט מען שטענדיק דורך מיט די אָ', אַמאָל אויף העלפֿט, אַמאָל אויף אַ דריטל", ייִז, ברידער אַשכּנזי. פֿירן זיך ווי אַן אָ, = לעבן מיט אַ ברייטער האַנט, זײַן פֿאַרשווענדעריש. *צאָלן וו אַן אָ'= ___ ׳

א) צאָלן הויכע פּרײַזן, זיך ניט דינגען; ב) באַצאָלן נאָר אַ טייל פֿון חובֿ.

2. מונדשטוק. ציגאַרן־שפּיצל. אַן אָ, פֿון

בּורשטין. ־יש — אַדי. „שטענדיק האָט ער געשפּילט 'וואַ־בּאַנק, עפּעס אָ, אָדער שולעריש‟. ־ישקייט.

אָנזעקלען — טרוו ־קל אָן, ~געזעקלט.

נעאָל. אַרײַנטאָן, אײַנפּאַקן עפּעס אין זעק(לעך). אָ, די קאַרטאָפֿל, די עפּל. אָ, די שטיינקוילן און אַרײַנוואַרפֿן אין קעלער.

אָנזרקען — [... זאַרקען] טרוו. זרקע אָן, ~געזרקעט. אָנוואַרפֿן עפּעס וואָס איז ניט כּשר. אָ, גניבֿות, קאָנטראַבּאַנד.

אָנזשאַווערן — ־ער אָן, ~געזשאַווערט.
אוטוו פֿאַרזשאַווערט ווערן פֿון אויבן. די
— — -

בּלעכן זשאַווערן אָן. טרוו — מאַכן עס זאָל ווערן פֿאַרזשאַווערט. „דער רעגן וועט נאָך אָ, די בּלעכן‟.

אָנזשאַרען — טרוו. ־רע אָן, ...„געזשאַרעט.

סל. 1. אַ סך אָנבּראָטן אויף אָנגעגליטע קוילן, אויף זשאַר. אָ, עטלעכע קאַרטאָפֿל. אָ, פֿלייש.

2. פֿיג. אָנהיצן, אָנהעצן. אָנגליִען (עמעצן, אַ סיטואַציע אע) דורך אויפֿהעצן. אָ, די לופֿט אויף דער 'סאָבּראַניע'. ‟דער דעמאַגאָג האָט אָנגעזשאַרעט די געמיטער‟ ־עניש.

.

אָנזשוגעוועט — טרוו ־געווע אָן, ~ געזשו.

געוועט. יאָך = go ו yi: < . געניצט אין קאָלאָניעס פֿון אַרגענטינע. איינשפּאַנען, אָנטאָן דעם יאָך (צוים) אויף אַן אָקס. „(האָט) אָנגעזשוגעוועט די אָקסן“, ברוך בענדערסקי.

אָנזשווירן — טרוו. זשוויר אָן, ~געזשווירט. אָנשיטן מיט זשוויר. אָ, דעם הויף.

אָנזשוזשען — דזוו אָנזוזשען ←.

אָנזשויבן — טרוו. זשויב אָן, ~געזשויבט. אָן ספּעציעלער מי און מיט ווייניק

אָנשטרענ1531

גונג פֿאַרדינען אַ סך געלט. אָ, פֿולע זשמעניעס גאָלד. אָ אַ פֿאַרמעגן.

,

אָנזשוליקן — טרוו. ־ליק אָן, ,געזשוליקט. אָנפּלוישן. אָנשווינדלען. אָ, מיט דריידלעך, פֿאַלשקייסן. אָ, און פֿאַרקאָכן אַ קאַשע. אָ, די אייגענע קרובֿים.

אָנזשומען — דזוו אָנזשוזשען, אָנזוזשען ←. אָ, וו אַ בין.

י

אָנזשיוועןֿ — טרוו. ־ווע אָן, ~געזשיוועט. סל. אָנקלײַבן, אָנזאַמלען אויך מיט ניט־ערלעכע מיטלען. אָ, אַ מאַיאָנטיק. געוויינלעך מיט זיך — אָ, זיך הײַזער און בריזער. אָ, זיך אַ פֿעטן פּעמפּיק, רויטן קאַרק.
אָנזשירירן — טרוו ־ריר אָן, ~(גע)זשירירט.

.

מיט לייגן אַ חתימה גאַראַנטירן, רבֿ זײַן פֿאַר עמעצן אַ הלוואָה. אָ, צענדליקער וועקסלען און דערנאָך אַליין דאַרפֿן באַצאָלן.
אָנזשירען זיך — אוטוו ־רע זיך אָן, זיך

~געזשירעט. סל. 1. אָנפֿרעסן זיך. האָט זיך אָנגעזשירעט ווו אַ חזיר. 2. אומאיידל.

י

ווערן פֿעט, דיק. אָננעמען, אַרויפֿציִען אויף זיך וואָג. „די מאַדאַם האָט זיך אָנגעזשירעט און קײַקלט זיך ווי אַ גאַנדז„. 3. פֿיג. דזוו אָנזשיוועןֿ..
אָנזשל(י)אָקען — טרוו. ־קע אָן, ~געזשל(י) אָקעט. אָנטרינקען (זיך), אַרײַנטרינקען איבער

דער מאָס. „וואָס אַרט דיך אַז איך זשליאָקעֶ?
און וויפֿל קאָן אַ מענטש אָ'?“, שע, מאָטל II.
געוויינלעך מיט ז י ך — „— איר האָט שוין
היינט זיך אָנגעפֿרעסן און אָנגעזשליאָקעט“,
שע, 'מען איז זיך מוחל'. „וואו האָט איר
באַוויזן אָנצוזשליאָקען זיך? ווי איז אייך ניט
מיאוס... וואו האָט איר געקראָגן ספּירט?„,
ה. קאַמענעצקי איבּז, בּרונאָ יאַסענסקי, דער
מענטש בּ□ט די הויט, מאָסקווע 1936 פּיג.

.

„ס'האָט אַ כליאַפּע געטאָן אַ מבּול... די ערד
האָט זיך שוין אָנגעטרונקען, אַפֿילו
אָנגעזשליאָקעט„, סאָוו, היימלאַנד, 6 1965, No.
־עניש.
אָנזשמעניען — טרוו. ־ניע אָן, ~
געזשמעניעט. 1. אָננעמען, אָרויסנעמען זשמעניעווייז.
אָ, סעמעטשקעס פֿון זעקל. 2. צעלייגן עפּעס
זשמעניעווייז, הויפֿנווייז. אָ, ראָזשינקעס מיט
מאַנדלען אויף די טעלער.
אָנזשעבּרע(ווע)ן — טרוו. ־רע(ווע) אָן,
~געזשעבּרע(ווע)ט. 1. אָנבּעטלען.
אָנשנאָרען. אָ, אַ היטל מיט גראָשנס. אָ, עטלעכע
שטיקלעך בּרויט. 2. אָנקלייַבן, איינשאַפֿן,
אַרייַנקריגן פֿאַרמעגן דורך (מיט) פֿאַרשיידענע

מיטלען. ״דאָס איז תּחילת, איידער ער
זשעבּרעט אָן אַ גרויס קאַפּיטאַל,,, קמ, 33 1866, No.
,,גאָלד האָט ער בײַ מיר אָנגעזשעבּרעוועט!״,
שע, 'יקנה,,ז'. ״... ער האָט פֿון אַלץ. דערצו
דינגט ער נאָך אָפּ פֿאַר האַלבּ אויף האַלבּ די
סאָלדאַטסקע ערדן און זשעבּרעוועט אָן,,, א.
שיִיאן, געוויטער, קיִעוו 1939. אויך מיט
ז י ך.

אָנהידושן זיך

אָנזשערען זיך — דזוו אָנזשירען זיך. ,,ער
האָט זיך געגוג אָנגעזשערעט,,, מ. טייטלבּויס.

--

אָנהבּרן זיך — [... כאַווערן...] אוטוו. חבֿר
זיך אָן, זיך ~געחבֿרט. אַ לענגערע צײַט
זיך חבֿרן מיט עמעצן (און דערנאָך
איבּעררײַסן די חברשאַ􏰀ט). אָ, זיך מיט די
וואוילעיונגען און דערנאָך זיך אָפּטרייסלען פֿון זיי.
אַנהה שובֿדת הצי גופֿו של אָדם —
[אַנאָכע שויוערעס כאַצי גופֿוי שעל אָדאָם]
זאַץ. תּח. < בּרכות, נח/ב; כּתובות, סב/א.

אַ זיפֿץ (קרעכץ) צעבֿרעכט אַ האַלבֿן גוף פֿון
,
מענטשן'. געניצט מיטן בּ: עגמת־נפֿש
פֿאַרקירצט די יאָרן.
אָנהוזקן — [... כוי'זעקן] אוטוו. חוזק אָן,
~געחוזקט. חוזקן אַ לענגערע צײַט. אָ, פֿון
גאַסטגעבֿער און זײַנע געסט.
אָנהוט־השדרהדיק — [... ־האַשע'דרעדיק]
אַדי. וואָס איז אָן אַ רוקנזײַל. אָ'ע
בּעליחיים.

-

אָנהונסן — [... כוי'נעפֿן] אוטוו. חונף אָן,
~געחונפֿט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט חנפֿענען
עמעצן. חונפֿן אַ צאָל. אָ, דער בּעל־הבּיתטע אָז
זי איז די שענסטע, די קליגסטע און די
גרעסטע בּריה. אָ, די גבּאָים.
אָנהוצפּה(נע)ן — [... כו'צפּע...] אוטוו.
חוצפּה אָן, ..,געחוצפּהט. אַ לענגערע צײַט
זיך אויפֿפֿירן מיט חוצפּה. אָ, אויף אַ
גראָבֿיונגערישן אופֿן. אָ, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון
איידעלע מענטשן.

אָנהושימדיק — אַדי. וואָס איז אָן חושים. וואָס פֿילט ניט. „אָ לענגערע ווײַלע איז ער אַזוי געזעסן און ער האָט אָ, געקוקט„, ל. טרייסטער, טמז, ⃞ ⃞14 19 I.

אָנהושכן — [... כוי'שעכן] טרוו. חושך אָן, ⃞ י'געחושכט. מיט רייד אָדער מעשׂים אָנוואַרפֿן אויף עמעצן אַ פֿינצטערניש; אָנמאַכן אַ שלעכטע, טרויעריקע שטימונג. אָ, די גאַנצע שטוב מיטן אָכצען און קרעכצען.

אָנהזירן — [... כאַ'זערן] טרוו. חזיר אָן, ⃞ ...„געחזירט. 1. אָנוואַרפֿן, צעוואַרפֿן שמוץ, בלאָטע איבער (אויף) אַ שטח. מאַכן שמוציק. אָנמושבֿן; אָנבֿרודיקן; אָנפּאַסקודיען. אָ, ווי אין אַ שטאַל. ״דאָרטן וואו מען עסט חזירט מען ניט אָן„, שוו. 2. אויך אוטוו. במקומווערבֿ פֿאַר אָפּטאָן עפּעס אַ מיאוסע זאַך. אָ, רכילות. אָ, א ו י ף דער מיידל וואָס מיט איר איז מען אַ לאַנגע צײַט אַרומגעגאַנגען. אָ, (אויף) די געוועזענע פּאַרטיי־חבֿרים. ־ונג. ~הזירײַ.

אָנהיבֿורן — [... כיבֿערן] טרוו. חיבֿור אָן, ⃞ י„געחיבֿורט. אָנשרײַבֿן עפּעס וואָס האָט אַ קנאַפּן ווערט, בכלל פּעיאָ. אָ, אַן אַטאַקע אויף

ייִדן.

אָנהידושן זיך — [... כי'דעשן] אוטוו. חידוש זיך אָן, זיך ~געחידושט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט זיך חידושן; זיך אָנוואונדערן. אָ, זיך פֿון גאָטס וועלטל. אָ, זיך פֿון די וואונדיירים פֿון

,

די אויסטערלישקייטן.

אָנהיותן זיך

אָנהיותן זיך — [... כי'יעסן, כאַ'יעסן...] אוטון. חיות זיך אָן, זיך ~געחיותט. אַ לענגערע צײַט זיך חיותן, זיך מחיה זײַן, האָבן הנאָה פֿון עפּעס. אָ, זיך פֿון (מיט) די שיינע קליידער. אָ, זיך פֿון (מיט) די געראָטענע אייניקלעך.

אָן הכמה — [... כאָכמע] פּראַזע. אויך: ניטאָריגינעל, פֿלאַך. באַנאַל. דער פֿלאַן איז געמאַכט געוואָרן אָן (אַ פּיצל) ח'. אַ מאמר אָן ח..

אָנהכמהדיק — אַדי. וואָס איז אָן חכמה. אויך: איינפֿאַך, פּשוט. אָ'ע רייד. אָ'ער פֿלאַן. „דער פּשוטער, אָ'ער אַנטיסעמיטישער מערדעריונג“, צײַט, טמז, 1969 ▯ 9. ־יקייט — „ער האָט זיך געבריהט צו געבן די חכמה פֿון

אָ"‘, יג, תּוך I.
אָנהכמהן — אוטוו & טרוו. חכמה אָן, ~
געחכמהט. איר. אַרײַנגעבּן, אָנפֿיקעווען אַ סך
חכמה'. בּליצן מיט (צו פֿיל) חכמה. אָ, אַ,
רעפֿעראַט אַז דער עולם זאָל קוועטשן מיט די
פּלייצעס. מיט ז י ך — אַ סך, אַ לענגערע
צײַט זיך חכמהן; זאָגן חכמות; זיך (אָנ)
וויצלען. מאַכן שפּאַסן. קיבּעצן עמעצן. אָ, זיך
און אַליין לאַכן מער פֿון אַלעמען. אָ, זיך
אויפֿן חשבּון פֿון....
אָן הכמות פֿראַזע. אויך: 1. פּשוט. אָן
------.
פֿליטערלעך. צוגענגלעך. ניט־קאָמפּליצירט.
ניטבּאַפּוצט. „זיי זאָלן האָבּן אַ בּוך, וואָס זאָל
זײַן געשריבּן לײַכט, פֿאַרשטענדלעך און
דערעיקר קורץ, אָן ח', אָן פֿלוידערײַען‘‘, מ. וועבּער,
דער יודישער פֿעלדארבּײַטער, וואַרשע 1891.
2. בּאַשיידן. צוגעלאָזן. אָן הינטער־כּוונות.
ניט־פֿאַרהוילט. ‘‘ער איז אַן אָ□ ענער
זעקסאון־זעכציק, אָן ח'‘‘. „אַ מענטש אָן ח, און
אַ ייִדישער מענטש, זענען בּיידע משמע
מענטשן וואָס לאָזן זיך נישט אַוועקפֿלייצן פֿון
זיך אַליין מיט רייד‘‘, ש. בּיקל, טמז, 1964
14 □ □ II.

3. ערנסט. צו דער זאַך. זאַכלעך. טאָלקאָווע. "לאָמיר אַרומרעדן דעם ענין ווי פּראַקטישע מענטשן, אָן ח"". ,,חבֿרה, געגוג! אָן ח, זיך גענומען צו דער אַרבעט".

אָנהכמותדיק — אַדי ׳ וואָס איז אָן חכמות; אָן קונצעלעך. אָרנטלעך. תּמימותדיק. איינפֿאַך. ,,דאָס פֿשוטע אָ'ע פֿאָלק...", ימ, דאָס נײַע לעבען, נ"י אַפּריל 1923. ־יקייט.

אָנהלבֿן — [... כיי'לעוון] טרוו & אוטוו. חלבֿ אָן, ~געחלבֿט. 1. אָנפֿעטסן, אָנשמירן, צעשמירן מיט חלבֿ. אָ, איבערן גאַנצן טישטעך. 2. אָנשמעלצן. אָנפֿעסטיקן מיט חלבֿ. אָ, די ליכטלעך אין חנוכּה־לאָמפּ. אָ, די יאָרצײַטליכט.

אָנהלומותדיק — [... כאַלוימעס...] אַדי. 1. וואָס איז אָן חלומות. אָ'ע נעכט. 2. וואָס איז רעאַל. אָן פֿאַנטאַזיעס. אָ'ע פֿלענער. —יקייט.

אָנהלומען — [... כאָ'לעמען] חלום אָן, ~ געחלומט. אקוזוו — האָכן אַ סך חלומות. אָי עפּעס אויסטערלישע חלומות. טרוו — אָנפֿאַנטאַזירן. אויסטרוימען. אויסמאָלן (זיך) ניט.

רעאַלע זאַכן. אָ, אוֹצרות, פֿאַנטאַסטישע
פֿאַלאַצן. אָ, רײַזעס איבער ימען.
חלומט.... „מיט אָט דעם דאָזי אָ
קן קלאַנג
מיט ז י ך — עס האָט זיך מיר

אָנגע[פֿלעגן זיי] אַנשלאָפֿן ווערן. און דעריבער
פֿלעגט זיך זיי אין די נעכט אָ, צעבויטעטע
חלומות", איבז א. האָלאָווקא, פּראָלאָג, קיִעוו
.1935
אָנהלקן — [... כיי'לעקן] טרוו. חלק אָן,
געחלקט, צעטיילן עפּעס אין אַ סך חלקים.
מאַכן אַ סך חלקים. אָ, צו פֿיל פֿאָרציעס ברויט.
אָנהמצן — [... כאָ'מעצן] אוטוו & טרוו. חמץ א
אָן, ~געחמצט. אָנוואַרפֿן, איבערלאָזן (ברעק־ י
לעך) חמץ וואו מע טאָר ניט. אָ, די
אויסגעכשרטע פליטע (אויוון). אָ, אויף דעם דיל
פֿון קיך.
אָנהנדלען — [... כיי'נדלען] טרוו. חנדל אָן,
~געחנדלט. אָנקומען צו עמעצן און דערבײַ
מאַכן חנדעלעך. זיך ווענדן צו עמעצן מיט אַ
חנדל. אָ, אַ מאַן (פֿרוי). מיט ז י ך —

אַרויפֿצִיִען אויף זיך אַ חנדל. זיך אָ, און בעטן.

--

אָנהניסהדיק — אַדי. וואָס איז אָן חניפֿה.
אָ'ע לויבוווערטער. ־יקייט.
אָנהנפֿע(נע)ן — [... כאַ'נפֿענען] אוטוו. חנ ע
אָן, ...,געחנפֿעט. אַ לענגערע צײַט חנפֿענען,
לויבן מיט זיסע רייד. אָ, דער בעל־הביתטע.
"מע דאַרף ניט אַזוי פֿיל אָ, ווען מע קומט צו
עמעצן עפּעס בעטן", ב. שעפֿנער פּאָר, 1962
,
15 XII. מיט ז י ך.

אָנהצופֿן — [... כאָ'צעמן] חצוף אָן, ~
געחצופֿט. אוטוו — מיטאַמאָל אָנהייבן זיך
אויפֿפֿירן ווי אַ חצוף; זײַן אַראָגאַנט.
אָנחוצפּהנען. אָ, אין קלאַסצימער. טרוו — שאַרף
אָנזידלען, אָנשייגעצן עמעצן. אָ, דעם העכסטן
באַאַמטן.
אָנהקירה(נע)ן — [... כקי'רענען] אוטוו &

טרוו. חקירה אָן, ~געחקירהט. אַ סך, אַ
לענגערע צײַט חקירהן. זיך גריבּלען, דרינגען,
וועלן דערווײַזן (עפּעס) דורך אַנאַליזירן. אָ,
פֿיתום און רעמסס. „גענוג שוין אָנגעחקירהט“, אַ
ח. ליבּערמאַן פֿאָר, 7 1962 IX.

-

אָנהרובּן — [... כאָ'רעוון] טרוו. חרובֿ אָן,
~געחרובט. נעאָל. אָנמאַכן אַ חורבּן.
צעשטערן. מאַכן, בּרענגען שאָדן. „דאָס יאָמערן
פֿון ווינט אויף חורבֿות וואָס ער האָט אין זײַן
צאָרן אָנגעחרובֿט“, אפֿא, לויטער... קוואַל.
אָנהשבּונען — [... כעזשבּענען] חשבּון אָן,
~געחשבּונט. אויטוו — אַ סך, אַ לענגערע
צײַט חשבּונען, סתּם אַזוי זיך פֿאַרנעמען מיט
מאַכן חשבּונות. אָ, אויף אַלע פּאַפּירן, אויפֿן
בּלאַט פֿון טיש, אויף דער וואַנט. טרוו —
אַרײַננעמען אַ סך און פֿאַרשיידנס אין חשבּון
(אויך אומבּאַרעכטיקטערהייט). אָ, איבּעריקע
הוֹצאָות. ״וואָס האָט איר מיר דאָ
אָנגעחשכּונט?“ אָ, פֿאַר ניט־גענומענע סחורות ־ונג.

.

־עניש.

־

אָנהשיבֿותדיק — [... כשיווּעסדיק] אַדי.
וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) חשיבֿות. וואָס איז

אַנטאָן ווערדע. אָ'ע באַנעמונג. אָ'ע האַלטונג. אָ'ער
ענטפֿער ־יקייט.

.

נהשקן — [... כיי'שעקן] טרוו. חשק אָן,
~געחשקט. 1. קריגן, אָנכאַפּן אַ חשק, אַ
באַגער צו עפּעס. אָנשמעקן, באַגערן עפּעס.
אָ, געבראָטענע טײַבעלעך. „ס'חשקן ד י ך ניט
אָן קיין זויערע זאַכן“, בימקאָ, גנבֿים. 2.
צוגעבן חשק. אונטערגעבן קוראַזש. אָנרעגן.
צורעדן עמעצן צו עפּעס. אָ, דעם חדר־ייִנגל צום
לערנען. אָ, דעם קונה צו אַ מציאה. מיט
ז י ך.
נהתמע(נע)ן — [... כאַ'סמענען] טרוו. חתמע

אָן, ~געחתמעט. 1. דזוו אָנשרײַבן. אָ, די בקשה. 2. אונטערשרײַבן דעם נאָמען.
אַוועקלייגן אַ חתימה. אָ, דעם פּאַס(פּאָרט). 3.
אונטערשרײַבן אַ צאָל. אָ, צענדליקער בריוו, דאָקומענטן. ,,... און אַחוץ אָנגעחתמעט
וועקסלען אויף אַ פּאָר טויזנט רובל", ש, '
קינדערשפּיל,.
4. אויך אוטוו. אָנצייכענען, באַשטימען,
ארשרײַבן פֿון אויבן פֿון הימל. אָ אַ גוט
—-
קוויטל. ,,פֿר בעשׂר צו אונשׂ צו גוטן די חתימה אַז דוא זאָלשׂט אונשׂט אַן חתמנן צו גוטן לעבן", עח, סט/ב. ,,און, הקב,,ה האָט אַן גחתמנט אַן ראָש השנה צו שיקן פֿיל רעגן אין עולם", מחזור שלש רגלים ח"ב, אַמשט 1713, פֿו/ב. "ליבר גאָט, ווענן אונזרן לערנן זאָלשׂטו אונז אַן חתמנן דען מאָרגן פֿון דער הייליגן טאָג [יום־כיפּור] אין דײַן ספֿר הזכרון", אַריה ליב זעליגמן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. "און זאָל אונדז אָ, צום לעבן און צו געזונט אין דעם יום־הדין וואָס הײַנט איז", איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. "צולאָזן די סבֿרה אַז אויף אונדז איז אויבן שוין אַזוי

אָנגעחתמעט געוואָרן, אייביק נע־ונד צו זײַן גאָר אַן אַ סוף“, ממוס, אַ סגולה....
5 פֿאַרזיגלען אַ צאָל. פֿאַרגיסן מיט טרי.
וואַקס. אָ, די פֿלעשער ווײַן. אָ, די פּאַקעטן אָפּצושיקן מיט דער פּאָסט.
נט־ — פּרעפֿיקס פֿון ווערבֿ. ־ [Mhd: e].
אָן אַן אַקצענט, אין אַלע פֿאָרמען פֿון ווערבֿ צוזאַמען מיטן שטאַם. אָן גע־ אין פֿאַרטיציפּ. די צאָל ווערבֿן מיט אַנט־ איז אַ באַגרענעצטע. אָפֿטער אין אַרכ ווי אין ייִדיש פֿון די לעצטע עטלעכע דורות. דאָך איז אַנט־ מסוגל צו העלפֿן שאַפֿן נעאָל. פֿאַראַן פּפֿ מיט דער פֿאַסיווער קאָנסטרוקציע (אַנטלויפֿן — אַנטלאָפֿן ווערן; אַנטרינען — אַנטרונען ווערן), אויך ווערבֿן וואו נאָר די פּאַסיווע קאָנסטרוקציע איז מעגלעך (אַנטשוויגן ווערן, אַנטבונדן ווערן).
די בבֿ: 1. אַוועק, פֿאַרמינערן (זיך) פֿאַר, ענדיקן, למשל: אַנטלויפֿן, אַנטשווינדן, אַנטפֿאַלן. 2. באַפֿרײַען פֿון עפּעס, אַוועקנעמען, צונעמען, למשל: אַנטאַרבן, אַנטזאַלצן, אַנטבלעטערן. 3. מאַכן עס (מע) זאָל ווערן א ו י ס , למשל: אַנטבעל־(ה)גופֿן, אַנטגויאישן,

אַנטגײַסטיקן. 4. היפּוך פֿון בּ פֿון שטאַם,
למשל: אַנטמוטיקן, אַנטקומען, אַנטשאַפֿן.
5. אָנהייבן, אַרײַנקומען אין אַ צושטאַנד, למשל:

אַנטאַ'בּ

אַנטדרימלען, אַנטוואַכן, אַנטבּרענען, אַנטוועקן.
6. מיטן בּ א ו י ף , למשל: אַנטדעקן,
אַנטבּלייזן. 7. פֿאַרשיידענע בּבּ, למשל:
אַנטוויקלען, אַנטגיין, אַנטביטן.
אַנטאַ'בּ — דער, ־עס (־ן) פֿטמ. דזוו עטאַ'פּ.
.
קאָנוואָי. וואַך. אַוועקשיקן מיטן אַ'. אַרעסטירן
און אָפּשיקן מיטן אַ,.
אַנטאַבּע — די, ־ס. אויך: אַנטאַבּקע. דזוו
האַנטאַבּע. < פויל, אוק. שטיל. האַלטער.
אויער. הענטל צוגעפֿעסטיקט צו עפּעס אַ זאַך
מע זאָל קענען אָננעמען מיט דער האַנט. אַ
האַק מיט אַ לאַנגער אַ'. אַ, פֿון שופֿלאָד. אַ,
צום קופֿערט.
אַנטאַגאָנ יזם — דער, ־ען. < איי < גר.
'ווידערשטאַנד'. 1. קעגנערשאַפֿט.
פֿײַנדשאַפֿטלעכקייט. סאָציאַלער, עקאָנאָמישער,
פּאָליטישער

רעליגיעזער, פּערזענלעכער אאַ אַ'. אַ, צו דער מלחמה. „וואַקסט... די קראַפֿט פֿון דעם גרויסן גרונטבאַזיץ דורך דעם וואָס זײַן אַ, צו דעם קליינעם גרונטבאַזיץ פֿאַרשווינדט“, דוד רויכל איבז, רודאָלף הילפֿערדינג, פֿינאַנץקאפּיטאַל, ווילנע, יאָר? „די פּליטים... האָבן ... געוועקט צאָרן קעגן די ביזאַנטישע דעספּאָטן. דאָס האָט געמוזט פֿאַרשאַרפֿן דעם אַ, צווישן די ייִדישע רעגירערס פֿון לאַנד און דעם הויף פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל“, זק איבז, שד ▯I.

2. קאָנפֿליקט. סתּירה. ▯אין 'גאָט פֿון נקמה,... איז [אַש] פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אַ'ען איבערגעגאַנגען צו אַ קאָנפֿליקט, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פֿון אַ יחיד“, שנ, שלום אַש. 3. (ביִאָלאָגיע, מעד) ווידעראָנאַנד צווישן מוסקלען, מיקראָאָרגאַניזמען, מעדיצינען אע. 4. (כעמיע) סתּירהדיקע ווירקונג, קאָנטעראַקציע פֿון צוויי כעמישע רעאַקציעס.

־יזירן — טרוו. ווירקן עס זאָל ווערן אַן אַנטאַגאָניזם. אַ, איין חבֿר קעגן צווייטן. אַ, די מאַיאָריטעט קעגן דער מינאָריטעט ־יזי.

דונג.

־יסט (־יז, ־קע) — 1. קעגנער, אָפּאָנענט. 2. געשטאַלט אין אַ ווערק וואָס איז לויטן כאַראַקטער אַ היפּוך צו אַן אַנדער געשטאַלט. 3. מוסקל מיט אַן אַקעגנדיקער פֿונקציע. 4. יעדער מיטל, פּרעפּאַראַט, מעדיצין וואָס ווירקט אַקעגן אַן אַנדערן. ־יסטיש — אַדי. „האָבן זיך אַ מעסט געטאָן מיט די כוחות יענע צווי אַ'ע קרעפֿטן...„, זשיט X , ,

נ"י 1919. „די ביידע פֿאַרטײַען זײַנען ניט נאָר געווען פֿאַרשיידן, נאָר אויך פּרינציפּיעל אַ"', ש. ראַווידאָוויטש, ייִבֿל XXI, 2.

אָנטאָגענ יע — די. בֿא אויך: אָנטאָגענעזע. < איי < גר. אַנטוויקלונג, בהדרגהדיקע איבערפֿורעמונג וואָס עס מאַכט אַדורך אַ בעל־חי, אָנגעהויבן פֿון עמבר אָן ביז זײַן פֿולשטענדיקן אויסוואַקסן ־יש — אַדי.

אַן טאָג קומען — צזוו. אַרכ. זיך אַרויסווײַזן, זיך אַנטפּלעקן פֿאַר דער ליכטיקער זון.

„דאַנקיט הש"י דש ער האָט לאזין דעם אמת
אַן טאָג קומן", בילה בת הגאון מוה"ר בער
ממשפחת הורוויץ... ומרת רחל בת האלוף
נתן רויזניץ, איין שין מע ה, [פּראָג 1700].
אָנטאַדלען — טרוו. ־דל אָן, ~געטאַדלט.
אַנוויַזן עמעצן אויף חסרונות און אים דאָס
אויפֿוואַרפֿן. אָנמוסרן. אָנקריטיקירן. אָ, די
שילער פֿאַר זייער שלעכטער אויפֿפירונג.
־ונג. ־עניש.
אָנטאָוולען — טרוו ־וול אָן, ,געטאָוולט.
.
אַריַננעמען, אַריַנשטעלן עפּעס אין (צווישן)
טאָוולען. איַנפּאַסן אין טאָוולען. אָ, די לויזע
דאָקומענטן. אָ, דאָס צעפֿאַלענע בוך.
אָנטאַטואירן — טרוו ־איר אָן, ~(גע)
טאַ
טואירט. אָנצייכענען אויפֿן נאַקעטן לייַב
פֿאַרשיידענע פֿיגורן דורך (אויס)שטעכן מיט
אַ נאָדל. (אויס)פּיגמענטירן. אָ, אויפֿן אָרעם אַ
נאַקעטע פֿרוי. אָ אַ שלאַנג.
,

-

אַנטאייגענען — טרוו. ~אייגן, ~אייגנט.

1. אָפּפּרעמדן. (מיט אָדער אָן כּוונה) זיך אָפּזאָגן פֿון עפּעס וואָס איז אייגן. אַ אַ קינד.

,

אַ אַ (מיאוסע) געוואוינהייט. „ אַנטאייגענען'.

, ,

אויב עמעצער האָט עפּעס בעסערס ווי אָפּאייגענען, וואָלט כּדאַי געווען צו הערן“, מוו, ייִפּאַ, 1939, 14. 2. אַרויסנעמען פֿון (עמעצנס) רשות. אַוועקנעמען דאָס וואָס איז פֿריִער געווען (עמעצנס) אייגנס. „אַ, גרויסע לאַנד־שטחים“, דוד מאַרקוס, איק, 1962 ו27 I. ־ונג.

אַנטאייזן זיך — אוטוו. ~איַיז זיך, זיך

-

~איַיזט. באַפֿריַיען זיך פֿון איַיז. דער טיַיך אַנטאיַיזט זיך.

אַנטאייראָפּעאיזירן זיך — אוטוו ־זיר זיך,

.

זיך ~אייראָפּעאיזירט. (בּהדרגה) זיך באַפֿרײַען,
זיך אָפּזאָגן פֿון דעם וואָס איז אייראָפּעאיש;
וואָס האָט צו טאָן מיט אייראָפּע. „די
וועלטווירטשאַפֿט באַפֿרײַט זיך פֿון אייראָפּעס
העגעמאָניע, זי אַנטאייראָפּעאיזירט זיך„, ימ, נײַס
.192

אַנטאיכישן — טרוו. אַנטאיכיש, אַנטאיכישט.
באַפֿרײַען, אַוועקנעמען דעם איך. מיט ז י ך
— “... ווען מע קען זיר אַ, און זיך צונויפֿגי I.
מיט דעם אַל„, ימ, גק, No 72.

אַנטאָלאָג יע

— די, ־ס. < איי < גר. '
געקליבּענע בלומען'. זאַמלונג (אין בוכפֿאָרעם)
פֿון אויסגעקליבּענע ליטעראַרישע שאַפֿונגען:
לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען אָדער טיילן פֿון
גרעסערע פּראָזע־ווערק. אַ, פֿון דער
חורבּןליטעראַטור. אַ, פֿון לידער וועגן א״י. פֿינף
הונדערט אָהר אידישע פּאָעזי ן, געזאַמעלט און
ו
צונייפֿגעשטעלט פֿון מ. באסין, נ„י 1917 [איז
די ערשטע גרעסערע אַ, אין דער מאָדערנער
ייִד, ליטעראַטור] ־יסט. ־ירן — טרוו
.

־עווען — טרוו. איר. מאַכן אַנטאָלאָגיעס. (הל, 1955).

אָנטאָ לאָגיע — די, ־ס. < איי < גר. 'לערע וועגן דעם זײַן'. אָפּצווײַג פֿון מעטאַפֿיזיק וואָס פֿאָרשט דאָס באמתדיקע ז ײַ ן. ״יעדער

פֿילאָאָנטאָלען

סאָפֿיע וואָס האַלט זיך פֿאַר אַן אָ', פֿאַר אַ פֿאָרשונג פֿון דער זאַך בעצם — אַ פֿאַלשע,,,

י. מעריסאָן ‏יבז, ה. ספּענסער, די ערשטע פּרינציפּן, ווילנע 1937. ־לאָ'ג. ־לאָגיזם — שיטה וואָס האַלט אַז מע קען משׂיג זײַן דעם בּדרא דורך אינטואיטיווער דערקענטעניש. ־לאָגיש — אַדי אָ'ישער בּ אַ וו ײַ ז אָדער אַ ר ג ו מ ע נ ט — די מחשבֿה גופֿא וועגן גאָט איז ממילא כּולל אין זיך דעם בּאַווײַז פֿאַר מציאות הבּורא. ״[זיי] האָבן געוואָלט בּאַווײַזן די עקסיסטענץ פֿון גאָט מיט דעם בּאַרימטן אָ'ישן בּאַווײַז, ד״ה ווײַל די וועלט עקסיסטירט, מוז גאָט זײַן,,, קאָר I.

אַנטאַלאַזשיק — דער, ־עס. ־ai1 ‏e‏: ‏ < lage. טייל פֿון פֿרויען־גאַרדעראָבּ, ענלעך צו אַ סטאַניק, נעמט פֿעסט אַרום דעם אייבּערשטן

טייל קערפּער אונטער דער בלוזע אָדער דעם ק״יד. ״איך וויל קיין גאַרשעטלעך, קיין שפּיצלעך, קיין אַנטאַלאַזיקעס, ווײַל זיי נאַרן זיך און נאַרן דעם אַנדערן. איך וויל בגדים זאָלן זײַן בגדים“, לעווין אַ״רהם ליאָנדאַר, איין נײַער קינסטליכער בריפֿען שטעללער, ווילנע 1844.

אָנטאַלאַנטיק — אַדי. וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) טאַלאַנט. טאַלאַנטלאָז. אָ'ער שרײַבער, אַקטיאָר.

אָנטאַלאַפּעטשען — דזוו אויסטאַלאַפּעטשען ״., 244.

אָנטאַלאַפּ(ק)ען — טרוו ־פּ(ק)ע אָן, ~ געטאַ.

לאַפּ(ק)עט. אוקר. אָנטראָגן בלאָטע מיט די פֿיס. אָנשמוצן. אָנבּרודיקן. צעגיסן וואַסער און אָ, איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע. ,,האָסט שוין ווידער אָנגעטאַלאַפּעט?,,.

אַנטאַליק — דער, ־עס. אונגיי. ← אַנטל. אַ פֿעסעלע פֿאַר ווײַן (50 פֿלאַש לערך).

אָנטאָלמאַטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~ געטאָלמאַטשעט. פּפֿ: ~טלומאַטשען. (מיט ביטול) טײַטשן, אויפֿקלערן עפּעס מיט ניצן איבעריקע אָדער צו פֿיל רייד. ,,וואָס האָט ער

דאָ אָנגעטאָלמאַטשעט? איך פֿאַרשטיי ניט אַ וואָרט?".

אָנטאַלעבּענדען זיך — אוטוו. ־דע זיך אָן, זיך ~געטאַלעבּענדעט. אַ לענגערע צײַט אַרומשלעפּן זיך. אָנגיין זיך אָן אַ ציל, סתּם אַזוי. אָ, זיך איבּער דער גאַנצער שטאָט און דערנאָך אַוועקפֿאַלן ווי אַ געהרגעטער.

אָנטאָלען — טרוו ־לע אָן, ~געטאָלעט. אוקר.

סדגro,: < [נאָמען פֿון אַ שפּיל בײַ ווערלכער מע גיט צו אַלץ מער ווערטער אָדער זאַכן].

1. געבּן עמעצן (עפּעס) צו יל, איבּער דער מאָס. אָ, געלט דעם פּוסטעפּאַסניק. דער זיידע האָט אָנגעטאָלעט די קינדער צאַצקעס. 2. (מיט צוואַנג) אָנשטאָפּן, אַרײַנשטופּן, אַרײַנגעבּן עפּעס עמעצן. אָ, די קינדער מיט צוקערקעס, זיי זאָלן צעשפּאַרט ווערן. "ער האָט אין אים אָנגעטאָלעט, וויפֿל ס'איז נאָר אַרײַן". אָ, די קינדער מיט צו פֿיל היימאַרבּעט. אָ, דעם קאָפּ מיט תּורה. מיט ז י ך.

אָנטאַלעפּטשען

אָנטאַלעפּטשען — דזוו אויסטאַלעפּטשען ←,

.244

אָנטאַלעסען — דזוו אויסטאַלעפּען ←, 244.
אָנטאָלערירן — טרזו. ־ריר אָן, ~טאָלערירט.
אַ לענגערע צײַט טאָלערירן, באַציִען זיך
געדולדיק צו אַ צאָל מענטשן, זאַכן. "ווי לאַנג
וועסטו דאָס אָ'?".
אָנטאָלק — דער, ־ן. נעאָל. דאָס וואָס איז
אָן טאָלק, אָן סדר. דאָס וואָס איז כאַאָטיש.
"דער אָ, און די אומפּאַראַנטוואָרטלעכקייט
צווישן אַ היפּשן טייל פֿון דער כלל־טועריי", בצג,
טמז,)14 19 X.
אָנטאָלקעווען — אוטוו & טרוו. ־קעווע אָן,
~געטאָלקעוועט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
טאָלקעווען, (אָנ)טענהן, (אָנ)רעדן, אַרגומענטירן.
אָ אַזוינס וואָס מע פֿאַרשטייט ממילא. אָ, פֿון
דעם און פֿון יענעם. "ער טאָלקעוועט מיר אָן
און זאָגט מיר:...,,, מ. י. בערדיטשעווסקי,
ייִדישע כתבֿים. מיט ז י ך.
אַנטאַמטן — טרוו. אימפּ, איצ נב; אַמט.
באַפֿרײַען, אָפּזאָגן פֿון (אַן) אַמט. אַ, די
איבעריקע פּקידים.
אָנטאָן — דאָס (דער), ־ס. וואָס מע טוט אָן.
הלבשה. קליידונג. וואו ליגט מײַן אָ'? דערלאַנג

מיר דאָס אָ'! נעם דעם קינדס אָ, און טו אים
אָן! זיך אויספּוצן אין בעסטן אָ'. „ער איז אַזוי
מאָגער געוואָרן אַז דער אָ, פֿאַלט פֿון אים
אַראָפּ“, רייד (קאָוונע). “אַ חנעוודיק אָ, וועט זי
דיר געבן צום קאָפּ“, מס, משלי תּקע„ד, ד, 9.
„אין באָד פֿלעגט ער היטן דאָס אַ',
אונטערגעטראָגן אַ שעפּעלע וואַסער„, ממוס פֿישקע.
,
“ער שווערט אַז פֿון פּורים ביז פּסח שלאָפֿט
ער אין אָ'“, שע, אַלט־ניַי כּתרילעווקע. „כ'פֿאַל
אויפֿן בעט אין אָ', קוים די בלוזקע
אַראָפּגעוואָרפֿן און די שיך“, פּרץ, ,שוועסטער'.
אָנטאָן — טרוו. טו אָן, טוען אָן, ~געטאָן
(~געטון, פּד, אוקר). Mh : an- uon.
1. אַרוי ציִען, אַרויפֿטאָן (אויף זיך אָדער אויף
עמעצן) (אַ) מלבוש(ים), שוכוואַרג אע.
אָנקליידן. [די זאַך אין אַקוזאַטיוו, די פּערזאָן
אין דאַטיוו.] אָ, אַ (דעם) מאַנטל, אַ הוט, אַ
אַרמלקע. אָ, די זשופּעצע. אָ, וואַרעמע וועש.
'
אָ, דעם טלית און תּפֿילין (← ב). אָ, די
ציצית. טו דיר אָן אַ פּעלץ. אָ, דער קראַנקער
פֿרוי אַ הויזקלייד. „טו דיר אָן דאָס זיַידנקלייד

און לאָמיר גיין שפּאַצירן“, פּל. „איר שווערט ביגונדן זיא צו וואַשן אונ, טעטן האַרניש אַן“, שמואל־בוך, סטראָפּע 196. „איר זוילט און טון איין גוטש קלייט דעם הייליגן שבת צו אַירן [= ערן]“, 'בנימינס שבת־ליד', באַלד נאָך של„ד ביר, ייִבל XIII, 1־2]. “עז זײַן ווײַבר דיא זײַן גיוואנטליך דאז זיא אירש מאַנש ראָק אַן טונן, אונ, זײַן הוט אויף איר קאָפּף אונ גינן אין האָזן“, בראַנט. „ווען איין גוי וויל איין משכון אויז וועקסלן אם שבת טאָר מן אים וואול אויז צו וועקסלן געבן ווען ער דש קלייד אַן טוט...“, לט 1, סט/א. “עס איז אָסור אין דעם טאָג [יום־כיפּור] די שיך אָנצוטאָן“, מחזור לימים נוראים, סלאַוויטע 1832, קמו/א. „דינע

1534

קאָלדרעס און גראָבע מײַטקעס און שיך פֿון גראָבע וואָל טאָר ער זיי ניט אָ, ביז ער זאָל זיי איבערזען [טאָמער איז דאָ פֿלאַקס]“, זרעיס, מט/ב. „ס'איז דאָך אָבער אַן עבֿירה, אַ ייִד זאָל קריכן בגילוי־ראָש, האָב איך אים געגעבן מײַן קאַשקעט און אַליין אָנגעטאָן זײַן ספּאָדיק“, ממו▯, 'בישיבֿה של מעלה'. „צוויי גאַנץ

גרויסע לײַט, צוויי רעגירערס, זענען דעם חתנס

אונטער ירערס, זיי העלפֿן אים אָ, דעם קיטל
און די שיינע יום־כּיפּור־היטל„, עט, לידער.
„ביז דאָס קינד קאָן נישט אַליין גיין, זאָל מען
אים נישט אָ, קיין שיך“, פּראָפֿ, שליינימ איבּז,
מרפּא לעם, זשיטאָמיר 1874. פֿיג. „מיר האָבּן
אָנגעטאָן דײַנע ספֿרי־תּורות אין ווײַסע

מענטעלעך...„, איין נ.ע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו
.1881

 אָ, ד ײַ ט ש , ד ײַ ט ש (ע ר) י ש = אָ, (אין)
קורצע, מאָדערנע קליידער, אַזוי ווי אַ דײַטש.
„די גזרות זענען פּשוט גזרות שמד, ערשטנס
וויל מען אונדז אָ, דײַטשעריש רחמנא לצלן...„,
י. ל. בּינשטאָק, בּײַא ר, שלמה בּערלינער,
לוואָוו 1896. אָפּטער מיט ז י ך — „צו אַכצן
יאָר האָט ער חתונה געהאַט... נאָכן אוקאַז
האָט ער זיך אָנגעטאָן דײַטש„, פּרץ,
ליטעראַטור און לעבּן. *אָ, דעם נ אַ ק ע ט = זיך
אָנטאָן קרוע־בּלוע; ניט האָבּן וואָס אָנצוטאָן.
 אָ, דעם נײַעם נאַקעט און דעם אַלטן
בּאָר

וועס — דז.

*אָ, עמעצן אַ היטל = דערהייבן. *אָ, אַ היטעלע (אַ הויב, אַ ספּאָדיק) = אָפּשווינדלען; אָפּנאַרן. אויסשטעלן צום נאַר; אָפּטאָן אַ שפּיצל. „מע האָט מיר אָנגעטון אַ ספּאָדיק, און מע מוז איצטער פֿאָרן צוריק קיין פּערעיאַסלעוו“, שע, פֿונעס יאַריד I. *אָ אַ קופּקע = אויך: חתונה

,

מאַכן אַ פֿרוי קעגן איר ווילן. *אָ, זאָקן דער קאַץ — חוזק־אויסדרוק לגבי פֿרומע, וואָס ווילן כלומרשט אָ, זאָקן דער קאַץ איבער פּסח, זי זאָל חלילה ניט אָנטראָגן קיין חמץ.
*אָ, אַ שטרײַמל = א) (זיך) אַרויסשטעלן

פֿאַר אַ פֿרומען; ב) נעמען נקמה, זיך נ קם זײַן.
‟ער ברענט, מלא חמה, און קלערט מסתּמא בײַ זיך: 'וואַרט איך וועל דיר באַלד אָ, אַ שטרײַמל, איך וועל דיר שוין גוט באַגראָכן',,, יםtראל רוחמובסקי, זכרונות..., פּאַריז 1930.
„טו אָן דעם קאַפּעלוש און זאָג 'לכה דודי',,, שפּאַסיק: ווען עמעצער לויפֿט צו פֿיל אַרום ערב שבת. *אָ, לאַנגע הויזן = ווערן פֿוליעריק; צײַטיק ווערן. *אַ, (עמעצן) אַ ספּאָדניצע = שפּאַסיק: ווענן אַ מאַן אַ שלימזל, אַ

לעמעשקע וואָס לאָזט זיך פֿירן פֿון דער ווײַב
פֿאַרן נאָז. „אַ ספּאָדניצע דאַרף מען דיר אָ'!
אַ באָביצע בלײַבט אַ באָביצע! אַ מענטש האָט
חשק ליגן בײַ דעם ווײַב אונטערן פּאַנטאָפֿל!“,
בר כוכבֿא, דער פֿוטער, ווילנע 1894. *אָ,
אַ זאַק אויף די לענדן = א) באַוויינען,
באַקלאָגן. טרויערן; ב) זיך פֿירן ווי אַ
בעלתּשובֿה. אָ אַ (סאַמעטענע) טאָרבע = ווערן

אַ בעטלער; גיין בעטלען. ״דו ווערסט דאָך
מאַכן, אַז מיר וועלן אָ, אַ טאָרבע און גיין
איבער די הײַזער בעטן נדבֿות“, י גוידאָ, דער

אָנטאָן

סאָוועסט איז פֿערפֿאַללען, ווילנע 1894. *אָ,
גאָט אַ טיזליק = זײַן אַ צבֿויאַק; זײַן
צבֿיעותדיק; זײַן אַ היפּאָקריט. *אָ, גאָט אַ ספּאָדיק —
דז. *אָ, אַ כאָמעט = אויך: א) אָנטאָן אַן עול;
ב) שפּאַסיק: אָ, אַ שטײַפֿן קאָלנער.
2. אַרויפֿציִען, אַרויפֿטאָן אויף עמעצן עפּעס
אַ קליידונג (אויך אָן אָנווײַז וואָס מע טוט אָן).
[די פּערזאָן איז אין אַקוזאַטיוו.] אָ, דאָס קינד.
אָ, די קראַנקע פֿרוי. „אַז מע טוט אָן שיין אַ

בּעזעם איז ער אויך שיין (זעט ער אויך אויס
ווי אַ מענטש)‘‘, „אַז מע טוט אַ שטעקן אָן שיין,
האָט ער אויך חן‘‘, שוו. „ווען מן די תּכריכין
ניאט... זאָלן זי די נאהט וואול אום ניאן דשׂ
זי ניט אויף גיט ווען מן דען מת די תּכריכן
אַן טוט‘‘, ש פּראַנקפֿורט, ספֿר החיים, זולצבאַך
.
תּקנ„א. ‘‘מע זאָל מאַכן אויס דעם וואַקס אַ
לעבט... מע זאָל אָ, דאָס לעכט אין תּכריכין
און מע זאָל לייגן דאָס לעכט אויף אַ מיטה
און צודעקן מיט שוואַרצן און מע זאָל דאָס
לעכט מקבּר זײַן„, נסים ונפֿלאות, אָרט? יאָר?
3. בּאַקליידן און בּאַשוכן (אַ צאָל). בּאַזאָרגן
מיט זאַכן, קליידער (אַ צאָל). אָ, די אָרעמע
קרובֿים פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס. אַלע פּליטים אין
די לאַגערן האָט דער 'דזשאָינט אָנגעטאָן און
,
אָנגעקאָרמעט. אויף ווינטער אָ, די יתומימלעך
אין וואַרעמע מלבּושימלעך. אָ, די רעקרוטן.
‘‘... האָט [דער תּם דער מיניסטער] אים
געהייסן געבּן קליידער אַז מע זאָל אים אָ‘‘‘, נחבֿ,
'מעשׂה בּחכם ותּם'.
אָ, די פֿ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג = (טעאַטער־לשון)
אויסשטאַטן. אויפֿנייען (אָדער צוקלײַבּן)

קאָססיומען פֿאַר די אַקטיאָרן (פֿאַר די ראָליסטן, פּערסאָנאַזשן). אויך: צוגרייטן דעקאָראַציעס.

4. אַרויפֿטאָן אַ פֿורעם. אויספֿורעמען. אויסדריקן אין ווערטער. געשטאַלטיקן. "נאָכדעם ווי דער געדאַנק איז שוין אויסגעדענקט, האָבן זיי ערשט נישט קיין ווערטער פֿאַר דעם געדאַנק אין וועלכן אים אָנצוטון", נאַד, זעקס ביכער. ,,טוט אָן אײַערע געדאַנקען אין שווערע מלבושים... און איר וועט קונה־שם זײַן בײַ אונדז ווי אַ דענקער", דער לעבעדיקער, פֿאַש, 12 X 1952. ,,דאָס אויג פֿון דער דיכטערין האָט אַליין אויפֿגעכאַפּט פֿאַרצייכנט און עס אָנגעטאָן

,

אין פֿערזן־קליידער", לע, טמז, 21 ◌ 1964 I.

5. אָנהענגען. אַרויפֿהענגען. אָנטשעפּען. אָנבינדן. אָנפֿעסטיקן. אָנשפּיליען. אָ, דעם פֿאָרהאַנג. אָ, דעם פּרוכת אויפֿן אָרון־קודש. אָ, די קאָטאַרן. אָ, די פּאַטשערקעס. אָ, אַ מעדאַל. אָ, די בראָש(קע). "דשׂ איין ורוייא בלדא גליגן זול... זול אירשׂ ווידר אנ טון [=אַרויפֿלייגן אויפֿן בויך אַ ספּעציעלע טאַבעלע, צונויפֿגעשטעלט פֿון ר, פּרץ כהן און געשריבן אויף אַ פֿאַרמעט]", כ"י 'ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. ,,(במתג ורסן) מיט דען מויל בנד,

און, מיט דען צום מושׂטו עשׂ צו בינדן (עדיו
ווען דוא זײַן צירונג ווילשׂט אַן טון", סהמ,
תּהלים, לבֿ, 9. „איצט האָב איך גלעקלעך
אָנגעטאָן, און רעד מיט קאָמעדיאַנטן־טאָן„, יהואָש,
,דער עולם'. *אָ, שליפֿעס = דערהייבן.
באַשטימען אויף (צו) אַ העכערן, וויכטיקערן אַמט.

אָנטאָן

צוטײלן, אָנ(גע)טרויען (עמעצן) מאַכט. *אָ, קינס
צייכן = אַרויפֿוואַרפֿן, וואַרפֿן שווערע שולד
אויף עמעצן; צוקלעפּן, צושפּיליען (צו) עמעצן
פֿאַלשע באַשולדיקונג.
6. אַרויפֿפּאַסן. אַרויפֿמאַכן. אַרויפֿלייגן.
אַרויפֿזעצן (אַזוי ווי אָ'). אָ, רייפֿן אויף די
רעדער. אָ, רייפֿן אויף די פֿאַסן (פֿעסער). אָ,
די ברילן, די שפּאַקולן. אָ, דעם הער־אַפּאַראַט.
אָ אַ פֿינגערל, אַ רינגעלע.

*אָ אַ פֿינגערל = מקדש זײַן. *אָ, תּפֿילין

(דעם של־ראָש) = שפּאַסיק, זען צי דער קאָפּ איז
ניט אויסגעדאַרט. אָ, אַ קאָראָנקע אויף אַ צאָן.
אָ, קינסטלעכע ציין, אַ בריק.

*אָ, אַ צוים = אויך: אײַנהאַלטן, אײַנצוימען. באַגרענעצן, אַוועקנעמען, צונעמען רעכט; האַלטן (עמעצן) אונטער אײַזערנער דיסציפּלין. אָ, אַ צוים אויף מענטשלעכער רשעות. „האָט געהאַט זײַנעם וואָס זאָל... אים אײַנשפּאַנען אין דער קאַרעטע, אָ, אים אַ צוים און האַלטן אין די לייצן„„ ממוס, בהמות.

*אָ, דיבעס — דזוו אָנטאָן קייטן; דזוו אָנטאָן אַ שלאָס אויפֿן מויל.

*אָ, קייטלעך (קייטן) אויף די הענט (אויף די פֿיס) = אַרעסטירן און אײַנשפּאַרן (אײַנזעצן) אין תּפֿיסה. „האָט מען מיך אויז דער תּפֿיסה אויף דאשׂ מבֿצר אין איין חדר גיבראַכט דיא ברזלים ויידער [= ווידער] אַן גיטאן“, גה, 382. „יודלען הייסט ער אָ, קייטן, זעלנער זאָלן אים באַלייטן„„ ממוס, יודל. *אָ, אַ קרוין (אויפֿן קאָפּ) = אויך: אויסדערוויילן, באַשטימען פֿאַר אַ פֿירער; דערהייבן. מאַכן עמעצן וויכטיק, גרויס. „„... האָבן אים אָנגעטאָן די קרוין פֿון אַ היסטאָריש געקריוודעטן“, אפֿא, טמז, 20 ׀ 1964 .II *אָ, אַ שלאָס אויפֿן מויל = צונעמען פֿרײַהייט פֿון וואָרט, רעכט אַרויסצוזאָגן זיך פֿאַרווערן צו רעדן.

.

7 פֿאַרשאַפֿן, גורם זײַן עמעצן אַ גוט
גע.
פֿיל (אַזוי ווי אָ, אים, זײַן נשמה, אַ מלבוש
פֿון כּבֿוד פֿרייד אע). אָ, פֿאַרגעניגן, נחת־רוח.

,

אָ, די עלטערן נחת. "פֿרעמדן מוז מער כּבֿוד
אָנטון", טענדלאַו, 720. „מן זאָגט אים [יואָבֿן]
ווי אים [אַבֿנרן] דער קיניג גרויש אַיר הט אַן
גיטון", שמואל־בוך, סטראָפֿע 941. „דוא וואַשׂט
[= ווייסט] ניט וואז פֿאַר חין [= חן] ב"ה ער
האָט היא אונ, דען כּבֿוד דען מן היא אים אַן
טוט„, פּראָגבֿ 2. „אונ, וויא נון ד א סוחרים
זעהנטן וויא מן דעם יהודי אַזו איין גרושׂי
כּבֿוד אַן טוט...„, מבֿ, מעשׂה קלו. „אונ, כּל
ימי חייה זיא בײַא זיך גיהאַלטין אונ, איר כּל
הכּבֿוד שבּעולם אַן גיטאן„, גה, 36. „ווילשׂטו
האבּן דײַן קינדר זאָלין אונטר לײַטן טויגן,
טוא זייא אין אירה יוגנט ניט צו פֿיל גוטן
אַן„, עיון, יב/א. „אום דען קיסר מיט זײַן
גאַנץ האָף פֿלאזיר אַן צו טאָן...„, שאַר, לח,
2. „איך בּין אײַו אַ בּעל־חובֿ תּענוג אָנצוטאָן?„,
רחלע די זינגערין, זשיטאָמיר 1868. „דער
מענטש זאָל נזהר זײַן די ספֿרים כּבֿוד אָ'„,
ר, משה בר, נתן נטע איבּז, ש ט מוסר,

סודלקאָוו 1833.
אָ, עמעצן די ליבּ = א) צוליבּ טאָן עמעצן;

1535

בּ) זײַן גוט פֿרײַנדלעך צו עמעצן. „איין

,
פֿרומיר מאַן עשׂט איבּיג (סעודת מצוה) דען זײַן כּוונה איז ניט צו עשׂן דען יצר־הרע גיט אַן צו טאָן, נייארט אַז ער זאָל כּח האָבּן הש״י צו דינן,‟ עח, כז/ב.

8. דזוו בּ7, נאָר גורם זײַן, פֿאַרשאַפֿן אַ שלעכט געפֿיל, אַ שווערע איבּערלעבּונג. אָ, עמעצן שלעכטס. אָ, (בּיטערע) צרות, יסורים, געבּרענטע לײַד, כּל הנגישות. אָ, ווילדע שטיק. אָ, שאָדן. אָ, אַ בּושה. אָ, חרפּות און בּושות. אָ, אַ מעשׂה. אָ, עינוייִם קשים. אָ אַ מיתה משונה.

,
אָ, אַן עלבּון. אָ, אַרבּע מיתות בּית־דין = פֿאַרשאַפֿן גרויסע יסורים. אָ, קיצור־ימים = קירצן עמעצן די יאָרן. אָ, אַ ג ל ו ת — מיי. פֿאַרשאַפֿן צרות, ווייטיקן. „איך בּין אַמאָל גירײַזט אין איין שיף, אַזו האָט מן מיר גלות אַן גיטאן,‟ בּור מײַנם ואָלק, לג/ב. 1723 אמשט, I ה

ישׂראל זולשׂטו מיר קיין שאַנד אַן טון“, שמואלבוך, סטראָפּע 276. „מיר ווערן ניקש פֿר שולדן אַן ישׂראל, ווען מיר זיא שון צרות אַן טואן, דען זיא האבן גזינדגט צו גאָט“, סהמ, ירמיה, נ, 7. „נאָך מער האָט איר ישׂראל לייד אַן גיטאן, איר האָט זיא מיצר גיוועזן אונ יסורים אַן גיטאן“, לט1, קלה/א. ”נון וויא איך אַלי צײַט פֿאַר מײַן קינדיר גיוועזין מיר גידאכט וויל אים קיין חרפּה לאזין אַן טון“, גה, 217. „מע האָט... [אים] אַזוי איין מיתה חמורה אַן גיטאן, אוי אונ וויי געשריִען אויף די צרות„, מע״ה אומן. ”זיי האָבן אין זײַנער קעסטל געפֿונען רוסישע ביכלעך... מע האָט אים געוואָלט אָ, כל הפסקים דערפֿאַר„, אמד, שעפֿקע דער יאַנציצער אָרעם בחור, ווילנע 1872. „מע זאָל רחמנות האָבן... און מע זאָל אים נישט אָ, דעם בזיון“, שע, קליינע מענטשעלעך.

*אָ, זביטקעס = אָפּטאָן שטוקעס. פּראַווען קונצן, שטיקלעך. *אָ, אַ שפּיצל — דז. *אָ, אַ כּישוף = פֿאַרכּישופֿן; באַצויבערן.

איבערוועלטיקן עמעצן. מאַכן אונטערטעניק; מאַכן עמעצער

זאָל טאָן, אויספֿאָלגן (בלינד) אַלצדינג וואָס מע הייסט.

9. אַנשטאָט אָ פּ ט אָ ן. אויפֿטאָן. באַווײַזן, דערגרייכן אַ סך. (אָנ)אַרבעטן אַ סך. „וואָס זי האָט שוין הײַנט ניט אָנגעטאָן! אָפּגעקאָכט מיטאָג, צעוואַשן וועש, אויפֿגעראַמט די שטוב, און וואָס ניט„. *אָ, מעשׂים = א) זיך אויסצייכענען, זיך קונה־שם זײַן מיט וויבטיקע, נאָבעלע אויפֿטוען. „מע דאַרף פֿריִער אַליין גאַנץ געגונג אָ, מ, ביז מע קאָן לערנען דעם אַנדערן„, ב א. זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט Iי, וואַרשע 1887; ב) אָפּטאָן ווילדע זאַכן. אויפֿפֿירן זיך ניט אָנשטענדיק, ניט ווי עס געהער צו זײַן.

„סאַראַ מעשׂים דער יונג טוט אָן“.

1O. אָננעמען אַן אַנדער געשטאַלט. מאַכן אַן אָנשטעל. בכּיוון און בולט אַרויסווײַזן אַ געפֿיל, אַ באַציאונג. אָ, (אויף זיך) דעם כּעסן. „האָב מיר אָנגעטון אַ פֿרום פּנים און מיט אַ ווײנענדיק קול גערעדט“, יאַ I, 'גענאַרטע וועלט'. “האָסט דיר אָנגעטאָן אַ זויער פּנים, און צײַט דו ביסט הי האָסטו זיך נאָך נישט אויסגעלאַכט“, י. האַלפּערן, שיינדעלע, וואַרשע 1913.

אָנטאָן זיך

,,געשטעלט זיך פֿאַרן שפּיגל, אָנגעטאָן אַן
אַנדער פּנים און אַרויס אין גאַס,,, יוסף וויַס,
זאַמלונגען.
*אָ, אַ מאַסקע = אויך: זיַין צווייפּנימדיק;
פֿאַלש, ניט־אויפֿריכטיק. ,,איך קען ניט
איבערטראָגן די וואָס פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר פֿאָליאַקן...
טוען אָן אַלערליי מאַסקעס, ווילן נאָכמאַכן
אַנדערע פֿעלקער, כּדי מ'זאָל ניט דערקענען
אַז זיי זענען ייִדן", ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.
אָנטאָן זיך — → דפֿוו. 1. רעפֿל. מיט בבֿ
1־2. זיך אָ, מיט געשמאַק, לויט דער לעצטער
מאָדע. אָ, זיך דעם יום־טובֿדיקן בגד. אָ, זיך
מעשׂה פֿראַנט. ,,טו (זיך) אָן די קאַלאָשן, עס
רעגנט אין דרויסן". ,,טו זיך אָן, עס ווערט
שפּעט,,. ,,און, דער פּורטיגיזין יונגי גיזעלין
האבין זיך אַלי מאָלט אין איר בעשׂטי קליידיר
אַן גיטאן", גה, 81. "האָבן זיך אַנגעטאָן אין
פֿאַנצערן...,,, מחזור מן שלש ◻־גלים, ח,,ב,
טשערנאָוויץ 1848. "מע האָט נישט געלאָזט
טובֿל זיַין אַן אָשה וואָס זי גייט אין די האָר,
נאָר אַז זי זאָל זיך אָ, די נעצהויבֿ, כּדי עס זאָל
אָפּהיטן פֿון אַן איסור כרת", א. י. שפּערלינג,
ליקוטים II, לעמבערג תרס"ט. ,,... אַלץ וואַס

מע זאָל טאָן אינדערפֿרי, ווען מע שטייט אויף, און ווי אַזוי מע זאָל זיך אָ',,, חא, ווילנע 1863, ב/א. ,,מע טוט זיך אָן אין אַ שיין קלייד, מע צינדט אָן, בּענטשט ליכט מיט גרויס פֿרייד,,, ממוס, זמירות. ,,אונדזער תּכשיט... לא די, וואָס ער האָט זיך אָנגעטאָן דײַטש [= אין קורצע קליידער], האָט ער נאָך אָנגעהויבּן שפּילן... אין קאָרטן", פּרץ, חסידיש. ,,וואו האָט זי זיך אויסגעלערנט... אַזוי אָ, זיך, ס'זאָל אויף איר זײַן ווי אויסגעגאָסן?", שע▯ ט▯יה.

*אָ, זיך אין עסיק און אין האָניק = זיך שטאַרק אויספּוצן. *אָ, זיך לויטן טאָג (לויטן וועטער) = א) אָנטאָן קליידער וואָס זאָלן זײַן צוגעפּאַסט צו יעדער געלעגנהייט; בּ) אָפּט בּײַטן קליידער. *אָ, זיך ווי צו די קונצן = זיך אָ, אין לײַכטע, בּאַקוועמע קליידער; האָבּן ווייניק קליידונג אויף זיך. ,,מיט איר איז: לייַבּ טו זיך אָן, לייַבּ טו זיך אויס", שפּאַסיק פּוול וועגן איינער וואָס איז ניט קיין געשטעלטע, וואָס קען זיך ניט דעצידירן.

פּפֿ ▯ אָ, זיך ווי אַ כּלה, וו אַ כּלה־מויד, ווי

י

אַ כלה אונטער דער חופּה, וו אַ חתן, וו אַ
׳ ׳

חתן־בּחור, ווי ער וואָלט זיך געחתנט; אָ, זיך
ווי דער כּהן־גדול, ווי אַ מאָנאַרכ(ע), ווי אַ
מלבות, ווי אַ פּרינץ, ווי אַ פּרינצעסין, ווי אַ
בת־מלכּה, וו אַ גראַף, וו אַ גראַפֿיניע, וו אַ
׳ ׳ ׳

פֿאַניענקע, וו אַ ל אַלקע, ווי אַ טעקעלע, ווי
׳ ׳

אַ רײַכע מחותּנתטע. אָ, זיך ווי אין קימפּעט,
ווי חווהלע (חיהלע, כיענעלע, נאַשקע, ציפּעלע)
צום גט. אַ, זיך ווי אַ משוגענע פּריצטע, ווי
אַ גוי אום זונטיק, ווי אַ פּגר, ווי צו דער
פֿגירה. [די אַלע פֿפֿ אויך בײַ אָנטאָן, בּבֿ 1־2.
זיי קומען דאָ, ווײַל מיט ז י ך זײַנען זיי
אָפֿטער.]
2. זיך בּאַקליידן. זיך אויספֿורעמען אין אַ
געשטאַלט. [צום בּ4 פֿון וואָרט אָנטאָן.] אָ

געאָנטאָן זיך

דאַנק וואָס טוט זיך אָן אין ווערטער. אַן
אידיי(ע) וואָס טוט זיך אָן אין אַ געשטאַלט.
אַ חלום וואָס טוט זיך אָן אין כּלערליי קאָלירן,

אין געאָמעטרישע פֿיגורן אאַזוו. „[אים] האָט
זיך גענומען דוכטן אַז זײַנע זינד פֿון
פֿאַרצען־יאָר האָבּן זיך אָנגעטאָן אין בּלוט און
פֿלייש“, זש, טמז, X 1963 11. „מײַן חלום האָט
אין לייַבּ זיך אָנגעטאָן“, חג, דער מאַמעס צוואָה.
3. אָנהענגען, אָנשפּיליען אע אויף זיך.
אַרויפֿפֿאַסן, אַרויפֿטאָן אויף זיך. אָ, זיך אַ
מאַסקע. „אַז דעם מענטש גייט גוט, טוט ער
זיך אָן הערנער“, שוו. „אין דעם בּהמ“ד ווערט
דאָ גאַנץ שטיל, ר, שמואל טיט זעך אָן די
בּריל“, טעיאטאָר.
4 פֿאַרשאַפֿן זיך עפּעס וואָס בּינדט זיך מיט
.
אַ געפֿיל פֿון צופֿרידנקייט פֿאַרגעניגן. [צום
,
בּ7 פֿון וואָרט אָנטאָן.] אָ, זיך תּענוגים,
נאָכגעבּן דעם יצר־הרע. „די וואָס... עסן דאָס
בּעסטע און מיט גרויסע צערעמאָניעס און מיט
גרויס נחת און הרחבת־הלב זיך אָנצוטאָן
תּענוג“, פּוקח עוורים, שקלאָוו 1832. לכן
דאַרף דער מענטש זיך איבּערלייגן... ווי ווײַט
דאָס גאַנצע לעבּן מיט דעם פֿאַרגעניגן וואָס
דער מענטש טוט זיך אָן... איז אַלץ הבל“,
דרך עולט, וואַרשע 1861. “איבּער פֿרימאַדאָנעס

און אָ, זיך די גרויסע פֿאַרגעניגנס האָבן מיר
זיך ניט אויסגעבראַכט“, ממוס, שלמה „דאָרט
וואו די נשמות פֿון די צדיקים זיצן אויבנאָן
און טוען זיך אָן וואוילטאָג“, שע
5 פֿאַרשאַפֿן זיך עפּעס וואָס בינדט זיך מיט
.
אַן אומאָנגענעם געפֿיל, מיט ווייטיק, מיט שאָדן
אע. [צום ב8 פֿון וואָרט אָנטאָן.] “קיינער קאָן
ניט אַ, מער שאָדן ווי דער מענטש טוט זיך אָן
אַליין“, שוו. “מעשׂה בחסיד אחד דער האָט זיך
גרושׂי סיגופֿים אַן גיטאן, אַן זומר האָט ער
זיך גילייגט צווישן פֿליא אונ, און גציבר אויף
דער ערד“, □)ה I, אַמשט 1723, כז□/א. “ס'איז
ניט אַ חיובֿ אויף דעם בעל־תּשובֿה, אַז ער זאָל
זיך סיגופֿים אָ'“, פּוקח עוורים□ שקלאָוו 1832,
אות יא. □זיך אָ, אַ מ ע שׂ ה = זיך נעמען דאָס
לעבן. עס קומט (אַזש) אויס זיך אַ מעשׂה
אָנצוטאָן. אַזוי פֿאַרדריסן (ווײ טאָן אע) אַז מע וויל
(מען איז גרייט) זיך אָ, אַ מעשׂה. פֿטמ אויך:
אָ, זיך אַ לעבעדיקע מעשׂה. זיך אָ, אַ מיתה
(משונה). אָ, זיך צען מיתות. “איך זאָל ניט
מורא האָבן פֿאַר גאָט, וואָלט איך זיך אַ מעשׂה
אָנגעטאָן“. “... כאָטש טו זיך דאָ

שׂונאי ,

ציון, אַ מעשׂה אָן", ממוס מסעות.
6. זיך אַרויסשטעלן פֿאַר אַזאַ וואָס
געוויינלעך איז מען עס ניט [צום בּ9 פֿון וואָרט אָנטאָן].
אָ, זיך אין גזלן = ווערן שלעכט; אַכזריותדיק.

אָ, זיך אַ חלוקא דרבּנן = זײַן, ווערן אַ
צבֿויאַק, אַ היפּאָקריט.
7. זיך אָנשטרענגען, זיך אײַנשטעלן (צו
טאָן עפּעס, צו זײַן ווי מע וויל אָדער ווי מע
מוז). זיך אָ, מוט, קוראַזש. „איך האָבּ זיך
אָנגעטאָן איידלקייט און זיך אָנגעטאָן אַ כּוח
ניט צו ווײַזן אַז עס איז מיר לאַנגווײַליק".
"איך האַבּ דערזען, מע קומט מיר ניט צו
הילף, האָבּ איך זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און האָבּ

געפּרוּווט אַליין אויפֿשטיין,,, ממוס, צוריק
אַהייס. "ווען דער פֿערדישער מוח זאָל זיך אָ,
אַ כּוח און זיך נעמען מיט חשק בּאַקלערן
דעם עסק", ש. מ. אָסטראָווסקי, דער
מאַסקעראַדין בּאַל, וואַרשע 1884. "זייער זילבּער איז

אַ גאַנץ יאָר געלעגן אין משכּון, נאָר אויף פּסח
האָט מען זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, אַרויסגענומען
דעם זילבּער און אויסגעשטעלט אויפֿן טיש״,
י▯ראל רוחמובטקי, זכרונות..., פּאַריז 1930.
„האָט... זיך אָנגעטאָן אַ נויט [= זיך
געצוואונגען] און געקומען אַהין אַ קוק טאָן„, פּנחס
רודאָי, טמז, 0▯19 II 14.
8. אַרײַנטאָן זיך; מיט גרויס חשק זיך (
אינגאַנצן) אָפּגעבּן, איבּערגעבּן זיך צו עפּעס. ״אַ
בּעל־תּשובֿה בּאמת זאָל זען צו עסן אַ בּיסל...
ניט אָנצוטאָן זיך אין דער אַכילה„, פּוקח עוורים,
שקלאָוו 1832, אות כו. ״איובֿ האָט געזאָגט:
איך האָבּ זיך אָנגעטאָן אין די מידה פֿון
צדקה״, אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868.
9. צושטיין צו עמעצן און יאַדען. זיך
אָנזעצן (אויף עמעצן). אָנטשעפּען זיך. „וואָכּ
האָסטו זיך אַן מיר אָנגעטאָן, יאַכקע! איך האָבּ
דיר וויפֿל מאָל... געזאָגט, יאַכע, זאָל זאַך
דיר ניט וועלן אַ לערנער, עס איז ניט אונדזער
קעשענע צו דעם״, י. בּודזאָהן, דער מקח טעות,
ווילנע 1927. ״אַז איינער איז [געווען] אין
עצבֿות אָדער [אין] מרה־שחורה פֿלעגט ער זיך
,
אין אים אָ'... און אַלץ מיט גוטע ווערטער״,

לדבֿ, נ״י תּשי״ז, קטו.
אַנטאָ'נאָווקע — די, ־ס. אויך. ־נ(י) □'ווקע,
.
־ניווקע. < פויל, וור, אוק. מין
ווינטערעפּל. גרויס, אָבֿער קלענער פֿון אַן אַפּאָרט. אַ
ביסל צילינדריש אין פֿאָרעם. ליימיקער,
וואַקסענער אָדער גרינלעך־געלבֿלעכער קאָליר.
געשמאַקער, ווײַניקער טעם. ״ער איז
צוגעגאַנגען... באַטאַפּט די עפּל... דאָס זענען געווען
ד אַ'ס, אַ געשמאַקער ווינטערעפּל״, ל
האַלי
פּערן, אַמעריקאַנער, 1959 □י10 I. אויך:
אַנטאָנאָווער (עפּל) — אַדי. „זײַן ווײַבֿ פֿלעגט
מיר שענקען געזײַערטע עפּל, ווײַסרוסישע,
שטײַפֿע אַ, עפּל״, האל, מײַן אוצר. „דער
סאַדאָווניק האָט צוזאַמענגעקליבֿן אין אַ ווײַסער
טאָרבֿעטשקע אַ, עפּל״, חיים פּעט, אַ פּאַסטקע.
אַנטאַ'נטע — די. < איי < פֿר. '
פֿאַרשטענדעניש, פֿרײַנדשאַפֿטלעכע פֿאַרבינדונג,
.
אָפּמאַך צווישן צוויי אָדער מער מלוכות זיך
צו שיצן קעגנזײַטיק, ספּעצ בונד צווישן ענ□־
לאַנד און פֿראַנקרײַך (שפּעטער אויך רוסלאַנד)

געשלאָסן אין 1904. בעת דער ערשטער
וועלטמלחמה (1914 — 1918) געווען באַקאַנט ווי דער
צד קעגן דײַטשלאַנד — עסטרײַך — איטאַליע.
"ווער עס זאָל ניט זיגן אין דער מלחמה, צי
די אַ', צי דײַטשלאַנד, וועט דער
אַרבּעטערקלאַס דערפֿון סײַוויסײַ גאָרנישט האָבּן", זבּ,
דער וועג פֿון פֿאראט□ מ□סקווע 1932. די
ק ל ייַ נ ע אַ, — בּונד צווישן
טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע און רומעניע (1920) זיך
צו שיצן קעגן אונגערן. "די ק, אַ'... אַ...
פֿאַקטאָר אינעם גלײַכגעוויכט פֿון אייראָפּע...
איז אַ מײַסטערווערק פֿון עדואַרד בּענעש,,,

אָנטאַפּ

צ. ה. וואַקסמאַן, אין לאַנד פֿון מהר"ל און
מאַסאַריק, וואַרשע 1936.
אַנטאָני'ם — דער, ־ען. < איי < גר. וואָרט
וואָס זײַן בּאַטײַט איז דער היפּוך צו אַ צווייט
וואָרט, אַוועקגעשטעלט נעבּנאַנאַנד: שיין —
מיאוס; שיינקייט — מיאוסקייט; סימפּאַטיש
אַנטיפּאַטיש; סימפּאַטיע — אַנטיפּאַטיע; זײַן

וואַך — שלאָפֿן; אינאײנעם — באַזונדער אע.
"עס ווערן באַהאַנדלט סינאָנימען, עס ווערן
געבראַכט אַ'ען...", אַפֿן שפּראַכפֿראָנט, זב,
קיעוו 3 1935, No-4.
אָנטאָנען — טרוו. טאָן אָן, ~געטאָנט. מאַכן
עס זאָל זיך באַקומען דער ריכטיקער טאָן.
א, די פּיאַנאָ. אָ אַ פֿידל.

,

אָנטאַנצן — טאַנץ אָן, ~געטאַנצט. אוטוו —
1. טאַנצן אַ סך. ,,וויפֿל מיר האָבן שוין
אָנגעטאַנצט!". 2. (מיטאַמאָל, פלוצלינג
אָנשפּרינגען, אַרויפֿשפּרינגען, אַרויפֿטאַנצן אויף עפּעס
(עמעצן). "איר זײַט ניט קיין מאַטראָס...
דערווײַל טאַנצט ניט אָן אויף אַ נעץ....,,
איבז, וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער,
מינסק 1936. טרוו — אויסטאַנצן. באַווײַזן
(פֿאַר עמעצן) אַ טאַנץ (ווי צו טאַנצן). -.—
קינדער! איך וועל אָ, און איר וועט עס שפּעטער
איבערטאַנצן". מיט ז י ך — ער האָט זיך
שוין הײַנט גענוג אָנגעטאַנצט. -עניש.
-ער (—ין, —קע).

אָנטאַסטן — טרוו. טאַסט אָן, ~געטאַסט. אַרכ.

Mhd: an + tasten. אָנטאַפּן. אָנרירן. באר התּורה פּאַרטײַטשט 'אולי ימשנ אָבי, (בּראי שית, כז, 12): "טאָמער וועט ער אנטאַשׂטן מיך". פּילליַיכט וערט מיך מײַן פֿאטר אַן טאַשׂטין" און, ווערט פֿילן דשׂ איך (יעקבֿ) בּין,,, ר, משה פֿראַנקפֿורט, איבֿז, מנורת־המאור, אַמשט, סז/ב. "דר נאָך קומט דשׂ קינד אין דיזה וועלט און, איז נאָך שוואַך אין זײַן גפֿילן... נייארט ווען מן עשׂ אַן טאַשׂט...", חה, אַמשט 1716, לז/א.

אָנטאַסעווען — טרוו ־סעווע אָן, ~ געטאַסע.

וועט. 1. געדיכט אָנשטאָפּן, אָנפּאַקן, אָנפּראָפּן. אָ, אַ סקלאַד מיט סחורה. אָ, אַ טשעמאָדאַן מיט קליידער. אָ אַ שקאַטולקע מיט מטבעות. 2. אָנוואַרפֿן, אָנוואַליען, אָנשיטן, אַנהויפֿן אין אַ קופּע (איינס אויף דאָס אַנדערע). אָ, די אַראָפּגעפֿאַלענע עפּל אין מיטן סאָד. אָ, שמאַטעס אין קאַסטן. 3. דזוו אויסטאַסעווען, בּ1 ., 245.

אָנטאַסקע(ווע)ן — טרוו ־קע(ווע) אָן, ~

גע.
טאַסקע(ווע)ט. סל. אָנשלעפֿן, צונויפֿשלעפּן.
אָנבּרענגען. אָנטראָגן. אָ, שטיינער. אָ אַלטע
'
שטיקער מעבל. „די נאַסע צוויגלעך, וואָס זיי
האָבּן אָנגעטאַסקעט פֿון וואַלד, האָבּן
געטרישטשעט", איבז, אי. מיקיטענקאָ פֿרילינג,
'
קִיעוו 1935. ־עניש.
אָנטאַס — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנטאַפּן.
איינדרוק, געפֿיל, חוש ֿון אָנטאַפּן פֿלייש פֿונעם
. „
אַכטפֿוס... לויט אויסזען וויס, לויטן אָ,
עלאַסטיש", ח פֿרידמאַן איבז, וו. ק. אַרסעניעוו,
דערסו אוזאלאַ, מינסק 1935.

אָנטאָפּטשען

אָנטאָפּטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~
געטאָפּטשעט. פּפֿ: ~דאָפּטשען. 1. אָנטראָגן
שמוץ. אָנבּרודיקן, אָנטרעטן. אָ, מיט בּלאָטיקע
פֿיס אויפֿן טעפּעך. 2. אויך אוטוו. קריכן,
בּראָדזיען, גיין מיט שווערע פֿיס אויף (איבער)
עפּעס. צעטראַמפּלען. צעשיטן. אָ, (איבער) די

בייטן און צעטרעטן די יונגע געוויקסן. 3. געדיכט אָנפּאַקן, אָנשטאָפּן. אײַנקלאַפּן, אײַנדריקן, אָנדריקן, מע זאָל קענען מער אַרײַנלייגן. אָ, דעם שטרויזאַק. אָ, דעם רוקזאַק, די וואַליזע. 4. צעממיתן; קאָפּען, בריקען, טרעטן מיט די פֿיס. אָ, מיט די שטיוואַלעס איבער די געפּײַניקטע. מיט ז י ך — אַ לענגערע צײַט אַרומגיין מיט שווערע טריט. ־עניש.

אָנטאָפּ(□)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אָן, ~ געטאָפּ(י)עט. סל. 1. אָנשמעלצן. אָנקאַפּען. "אירע ליכט האָבן שטענדיק געטריפֿט און אָנגעטאָפּיעט חלבֿ אויפֿן סאַמעטענעם טישטעבל,,, ייִבל 2־II .XXXI. אויסטאָפּיען אַ סך. צעלאָזן אָ סך. אָ, שמאַלץ. אָ, פֿעטס און פֿאַרמישן אין טייג. אָ, שניי אויף צו טרינקען. 3. אויך אוטוו. אָנקוועלן. אָנטײַען. אָנקלײַבן נחת, שטראַלן פֿאַר פֿרייד. אָ, (נחת) פֿון די זיסע אייניקלעך. אויך מיט ז י ך.

אָנטאַפּיק — אַדי. 1. וואָס מע קען (לאָזט זיך) אָנטאַפּן. אָ'ע פֿיגורן. אָ'ע סחורה. 2. וואָס איז בולט. קאָנקרעט. ממשותז.יק. זאַכלעך. אַן אָ'ער אמת. ,,□ אַנדערשקייט דאַרף זײַן גענוג ב□לט, גענוג אָנזעאיק, גענוג אָ'", ימ, אונדזער

שול, מעקסיקע 1948. ־יקייט.

אָנטאַפּ◻לעך — אַדי. ← דפּוו. וואָס מע קען (לאָזט זיך) אָנטאַפּן. וואָס איז בּ◻לט, אָנזעעוודיק. קאָנקרעט. „נאַציאָנאָלקייט איז ניט דאָס אָ'לעכע, דאָס מאַטעריעל־קאָנקרעטע“, ימ, נײַס, 1926. „די אַזוי־גערופֿענע ניט־אָ'לעכע פֿאַקטן פֿון לעבּן“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.

אָ'בּאַר — אַדי. דטשמ. נר. ־קייט.

אָנטאָפּלען — דזוו אָנדאָפּלען ←.

אָנטאַפּן — טרוו. טאַפּ אָן, ~געטאַפּט. 1. אָננעמען, אָנרירן עפּעס מיט דער האַנט (פֿינגער, פֿוס אע) און עס (ממש) פֿילן. אָ, די קל אַמקע

י

פֿון דער טיר. אָ, די בּאַק, די האָר. אָ, דעם הייסן אײַזן, סאַמאָוואַר (און זיך אָפּבּריִען). אָ, מיטן פֿוס דעם שליסל אויף דער ערד. אָ, עפּעס אין דער פֿינצטער. „אין חוש המישוש, אין וואָס ער טאַפּט אָן מיט די הענט„, חה, 131. „און מיר [שדים] שוועבּן צווישן זיי און... זיי קענען אונדז ניט אָ„„, רבֿקה בּת ר, יוסף איבּז, אגרת בּעלי חיים, אוסטרה? [לבֿוב], יאָר? „דערבּײַ שטרעקט ער אויס אַ האַנט און טאַפּט אָן ר, שמשונס בּויך“, ממוס, „בּישיבֿה של מעלה„. „מיט ציטערדיקע הענט איך טאַפּ דיך

אָן — פֿאַרשטעל זיך ניט,,, חג, דער מאַמעס
 וואו
2. אָנרירן ניט דירעקט, נאָר דערפֿילן עפּעס
בײַם (מיטן) אַרומטאַפּן. אָ, דעם טײַסטער אין
בוזעם־קעשענע. ,,אַלס ער האָט נאָך בײַ זיך אין
טאַש אָנגעטאַפּט אייניקע טאָלער, האָט ער...

1537

געכאַפּט אַ טיקעט ווײַטער צו פֿאָרן“, י. בוד
זאָהן, דער ממזר..., ווילנע 1927. ,,בגנבֿה פֿאַר
די אַרומיקע טאַפּט ער אָן אַ קניפּל אין
טליתקטן פֿון דאָרט שלעפּט ער אַרויס עטלעכע
,
צעקנייטשטע שיר־השירים־בלעטלעך,,, סמב.
3. אַ לענגערע צײַט טאַפּן מיט אַ האַנט בײַם
גלעטן, צערטלען. אָ, אַלע אייניקלעך, זיי
אויסקושן די ביינדעלעך. וואול — אָ, די מוידן,
מיידלעך. *אָ, די ביינער = אָנברעכן די ביינער.
*אָ, די צורה — דז.
4. ניצן דעם טאַפּ־חוש און אויסגעפֿינען.
אָפּשאַצן. אָ, דאָס פֿרישע ברויט. אָ, דאָס
שטיקל סחורה, און זען צי ס'איז ווערט דער
מקח. אָ, דעם זייגער און זאָגן די שעה (די

צײַט). דער בלינדער טאַפּט אָן מיטן שטעקן דעם וועג. אָ, די הון, צי זי האָט שמאַלץ. „טאַפּט אָן אַלצדינג, נאָר ניט דעם רעכטן וועג צו גליק", ממוס, קליאַטשע „האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אויף צוריק, ווי אַ קלאָרזעער, מיט ביינערדיק־בלאַסע פֿינגער אָנגעטאַפּט אין ספֿר די נייטיקע שורות", בערג, בײַם דניעפּער I. „היים איז געווען נאָענט — אויספּלאָנטערן זי פֿון גאַסן און געסלעך, אָ, זי אין דער פֿינצטער", אַקש, סאָוו, היימלאַנד, 6 1967, No. *מע קען עס אָ, מיט די הענט = אויך: א) מע קען עס אויסגעפֿינען; ב) מע קען עס גרינג באַנעמען.

5. (ווען) דערוויסן זיך עפּעס, אַרויסקריגן אינפֿאָרמאַציע. אָ, בײַ דער שכנטעס דינסט וואָס עס קאָכט זיך בײַ דער מאַדאַם אין טעפּל. אָ, בײַ דער וואַך וואָס עס טוט (הערט) זיך הינטערן טויער. אָ, און זען וואו מע האַלט אין דער וועלט. *אָ, דעם פּולס (דעם דפּק, דופּק) = אויך: אומדירעקט דערפֿילן, דערגיין דורך אויספֿרעגן, דורך אַנאַליזירן. „אינטערעסאַנט איז אָנצוטאַפּן דעם דופּק פֿון דער צײַט אין ראַבינס גרעסערער דערציילונג", עוזר האָלדעם, סאָוו, היימלאַנד,

.No '19 2 2

6. דערשפּירן (מיט די חושים). דערפֿילן. אויפֿבאַפּן. אָ, די שטימונג בײַם עולם. אָ, דעם פֿאַרבאָרגענעם ווייטיק בײַ די פֿאַרזאַמלטע צו דער אַזכּרה. אָ, דעם ציטער בײַם עולם אין טעאַטער. „אַזאַ נשמה פֿילט דעם ריח פֿון ...

לבֿנה־שטראַלן און קאָן אָ, דעם שאָטן פֿון אַ לאַנג־געשטאָרבענעם מפּיל־קינד„, פּרץ, 'פֿין דע סיעקל'. „איר קענט כּמעט אָ, מיט די הענט די אַטמאָספֿערע אין דעם הויז פֿון די האַלפּערנס„, שנ, שלום אַש. „... האָבן נישט סתּם ממש אָנגעטאַפּט די ייִדישע גבֿורה, נאָר עפּעס 'נאָך העכערס, — דעם ייִדישן גײַסט“, אפֿא, טמז, 5 1964 X. „־.־־ נאָר דער וואָס האָט וויזיע, דער וואָס פֿילט דעם פּולס פֿון געשיכטע, טאַפּט אָן די יסודות פֿון פּאָליטישער עקסיסטענץ„, הרבֿ י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'פֿון אַ דרשה„ תּשכ„ב. „דאָ טאַפּט מען אָן דעם טראַגישן וואָרצל פֿון דער וועלט פֿון אַלע —,

צײַטן ביז אונדזערער„, י. ראָפּאָפּאָרט, פֿאַש, 2 1953 I. „נידער אַראָפּ... צום אָרט פֿון כּותלמערבֿי... דו וועסט אָ'... דעם סוד פֿון דער

אָנטאָפּעציר

אייביקייט“, ציטירט זלמן שזר, טמז, 14 1968 I.
7. (אַזוי ווי) באַנעמען, תּופֿס זײַן, משׂיג זײַן. אָ, דעם געדאַנק. אָ, דעם אויספֿיר, דעם אמת. “דאָס איז דאָך ערשט די גאַנצע חריפֿות, אַדרבה, לאָז אַ ייִד ברעכן דעם קאָפּ פֿאַלן

,

אויף דעם שׂכל און געפֿינען, גלאַט אַזוי פּראָסט ווי עס געהער צו זײַן, קען דאָך אַפֿילו א גראָבער יונג אויך אָ'“, ממוס פֿישקע. „אַזוי —

,

ווי מע קאָן נישט אָ, דעם ווינט, אַזוי קאָן מען ניט אָ, די נשמה„, משה אַהרן גליקמאַן מליקאָווא, ברכי נפֿשי, וואַרשע 1898. „ער — דער ניט־פּאָעט, דער ניט־וויזיאָנער — האָט אָנגעטאַפּט... דעם עצם פֿון דעם חסידיזם“, קאָר I.
8. דערווישן. דערטאַפּן. דערשנאַפּן. דערשמעקן. דערקענען. אויפֿדעקן. אָ, בײַנאַכט די אַרײַנדרינגערס. אָ, דעם שווינדלער. אָ אַ גוט

,

געשעפֿטל. „אַז ער וועט זיך באַזעצן אין אַן

אַנדער גרענעץ, וועל איך בײַ אים אָ, זײַן
אַפּותּיקי און איך וועל קומען צוריק אין ווין,,,
ש. בעקערמאַנן, דער מאָרגען שטערן, אַדעס
1884. "די פּראָזשעקטאָרן וועלן אָ, דעם שׂונאס
עראָפּלאַנען אינדערלופֿטן", ב. ב. טראַם, ווייס
ווי צו באַשיצן זיך פֿונעמ לופֿט־סוינע,
מאָסקווע 1941.
9. אַרכ. פֿאַרכאַפּן. פֿאַרהאַלטן. אַרומנעמען.
,,וועלכן דא האבן אַן גיטרופֿן דר איין יהודי
האָט גיהאַט, דען האָט ר, סענדר אַן גטאַפּט",
אַהרן בר, יוסף, איין שין נייא ליד פֿון אובן.
פּראָג 1701.
1O. אַרכ. באַוועגן עמעצן עפּעס צו טאָן.
ווירקן. צווינגען. ,,... ערבטן [= אַרבעטן] ניט
שטעץ... מן זאָל זי [= זיי] אַן ט פּן דראָן
צו ערבטן,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבא,
שקלאָוו 1796, פּרק בא.
מיט ז י ך — ,,די אַמעריקאַנער האָבן
לכתּחילה געפּרוווט זיך אָנצוטאַפּן דעם שׂונא אויף
דער סאָפֿקע,,, אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק,
מאָסקווע 1928. ־ונג — ,,די הויט איז אויך
דער פֿילונגס־ און אָ'ס־אָרגאַן,,, דר, מ.
גאָטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע
1908. ־עכץ. ־עניש. ־ער — די

אָ'ס פֿון אַן אַכטפֿוס. „אַן אָ'! אומעטום רוקט ער די הענט„.
אָנטאַפּעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אָנטאַפּן. וואָס איז בולט, ממשותדיק. אָ'ע, אויסגעפּוקלטע או יות. ־יקייט — „ער גיט איר [זײַן ,כּמו־וועלט']... אין די בעסערע לידער זײַנע, אַ באַשטאַנד, אַן אָ'„ יג, איק, 1963 7 I.
אָנטאַפּעטירן — טרוו ־טיר אָן, ~ געטאַפּע.
טירט. 1. אָנקלעפּן, באַקלעפּן מיט טאַפּעטן. אָ, דעם שלאָפֿצימער. 2. טאַפּעטירן אַ סך. אַ, אין איין טאָג דרײַ דירות.
אָנטאָפּען — ← אָנטאָ פּ(י)ען.
אָנטאַפּעצירן — טרוו ־ציר אָן, ...,(גע) טאַפּעצירט. 1. אָנציִען, איבערציִען, באַקלאָפּן ווייכע מעבל מיט אַ שטאָף. אָ, די קאַנאַפּע.

אָנטאַצן

2. טאַפּעצירן אַ סך. אָ, צען אָטעלן. 3. דזוו אָנטאַפּעטירן.
אָנטאַצן — טרוו. טאַץ אָן, ~געטאַצט. אָנלייגן, אויסלייגן אויף טאַצן. אָ, די שניטקעס,

'פּוטערבּראָדן'. אָ, די קעלישקעס.
אַנטאָקאָל — גנ. פּפֿ: אַנטאָקאָליע. זייער
לאַנגע גאַס אין ווילנע וואָס האָט אַרויסגעפֿירט
אויסער דער שטאָט. (אַזוי ווי) אַ פֿאָרשטעטל.
ער איז אַן אַ'ליער. "אַרויסנעמען אַ שויבֿ
אויף אַ'ליע און אַרײַנשטעלן אין שניפּישאָק,,
[אַן אַנדער פֿאָרשטעטל אין ווילנע] = וועגן
איינעם וואָס איז ענג אין געלט און
מאַניפּולירט שטענדיק, דרייט, באָרגט בײַ איינעם
כּדי אָפּצוגעבן אַ חובֿ אַ צווייטן.
אָנטאָקן — טרוו. טאָק אָן, ~געטאָקט. טאָקן
אַ סך, אויסטאָקן וויפֿל מע דאַרף. אײַנשנײַדן
אויף עפּעס מיט אַ טאָקמאַשין. אָ, פֿיסלעך פֿאַר
בעטן. □אָ, אַ ל י ג ן = אויסטראַכטן אויף גיך
(אויף דער שטעל) אַ לי□ן. אָ, ניט־מיר,
ניטדיר אַ ליגן און ניט געבן קיין פֿינטל מיט אַן
אויג.
אָנטאַראַבאַנ(י)ע(ווע)ן — ־נ(י)ע(ווע) אָן,
~(גע)טאַראַבאַנ(י)ע(ווע)ט. אוטוו — זייער
הילכיק זעצן מיט פֿויסטן אין עפּעס. אָנפּויקן,
אָנקלאַפּן. אָ, אין טיר. אָ, צום שכן איבערן
וואַנט. 2. אויך אַקוזוו. שטאַרק טומלען,
גוואַלדעווען. אָ אַלעמען אין קאָפּ אַרײַן. "וועגן
,

מע לאָזט אים, וועט ער אײַך אַזוי
אָנטאַראַבאַניען אַ קאָפּ [רוסיציזם], אַז איר וועט זי קוים
אײַנהאַלטן אויף ד אַקסלען", מאָטדע דעכטיאַר,
׳

בּויער, מינטק 1936. טרוו — דזוו
אַנבּאַראַבּאַנעווען.
אָנטאַראַראַמע(ווע)ן — ־ראַמע(ווע) אָן,
,טאַראַראַמע(ווע)ט. אוטוו — מאַכן אַ
גרויסן טאַראַראַם, טומל, גערודער. אָ, די גאַנצע
שטוּב זאָל גיין כאָדאָראָם. אָ, וועגן עפּעס אַ
ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן. טרוו — מיט
אַ גרויסן טומל פֿאַרשפּרייטן, אָנזאָגן. אָ, ליגנס.
אָ אַ בּלבּול. אָ, די מעלות פֿון קאַנד דאַט.
׳

אָנטאַראַשטשען — אקוזוו. ־שטשע אָן,
,...(גע)טאַראַשטשעט. סל. אָנשטעלן, אָנגלאָצן
אויף עמעצן דעם בּליק, די אויגן. ,,וואָס האָסטו
אַנטאַראַשטשעט אויף מיר אַ פֿאָר קוקערס?
מיינסט איך שרעק זיך פֿאַר דיר?,,..
אַנטאַרבּן — טרוו. אַרבּ, אַרבּט.
אַוועק, ,

נעמען, צונעמען רעכט אויף ירושה.

אַנטירשענען. אַ, די קינדער פֿון דער ערשטער פֿרוי. ־ונג.

אַנטאַרבּעטן — טרוו אַרבּעט, אַרבּעט.

□ ,□

נעאָל. בּטל מאַכן ד אַרבּעט וואָס מע האָט

,

פֿריִער געמאַכט. אַנולירן אָפּגעטאָנענע אַרבּעט.

„אַ, דאָס אָנגעאַרבּעטע“, נאַד

אַנטאַרטונג — די, ־ען. דטשמ

דעגענעראַציע. „אין קאַמף קעגן דער אַ, □ון דער

ראַסע“, דר, א. ווירשובּטקי, טאָז, 20 □ 1928 l.

”דער אַרבּעטער און האַנדלס־פֿראָלעטאַריאַט

וועט זיך ניט בּאַפֿרייען פֿון דלות פֿון פֿיזישער

,

און מאָראַלישער אַ'“, זשיט I □י, נ„י 1917.

1

אַנטאַרטן — אוטוו. „בּיז וואָס ווען

דאַרף מען אַנשטאָט דעם דײַטשמערישן אַ,

ניצן אויף ייִדיש דעגענערירן„, מוו, ייִ□אַ,

1939, 14. אויך מיט ז י ך.

אָנטאָרמאָשען — טרוו ־שע אָן, □י„

געטאָר.

מאָשעט. אָנטרייסלען. אָנשאָקלען. צעבּאָלט(ש)ען, צעטרייסלען. אָ, די פּויליאַקעס, זיי זאָלן אויפֿשטיין און גיין צו דער אַרבעט. אָ, די בּוטלען מיט די יאַגדעס דער צוקער זאָל זיך אַרונטערזעצן. ▯אָ, דעם זעקל בּיינער = גוט אָנשלאָגן; אָנבּרעכן די בּיינער, די זײַטן.

אָנטאַרעראַמע(ווע)ן — דזזו אָנטאַראַראַמעווען.

אַנטאַרקט▯יק — די. גנ. טייל פֿון ערדקײַלעך אַרום דעם דרומדיקן פּאָלוס. ־יש — אַדי. אַ'ישער קאָנטינענט. אַ'ישער קרײַז. אַ'ישע זאָנע.

אָנטאָר(ק)ען — טרוו ־(ק)ע אָן, ~ געטאָר(ק)עט. פּפּ: ~טור(ק)ען. אַ טאָרע טאָן, אַ פֿורקע טאָן, אַ שטאָרך (שטורכע) טאָן מיט אַ פֿינגער, מיט אַ האַנט אין אַקסל. אָ, די פֿאַרשלאָפֿענע פּאַסאַזשירן (פּאַרשוינען).

אַנטבאָטן — טרוו. ~בּאָט, ~בּאָט(ן). אַרכ. Mhd: e]▯ˉbo▯en. אָנזאָגן. איבּערגעבּן. בּאַפֿעלן. „ער גינג הין און, ז▯צט זיך פֿר דאשׂ בית המדרש און, ער אַנטבּוט איין היים וויא ער איז ווידר גקומן“, מב, מעשׂה עד. „זוא

אַנטבּאָט ר, מאיר שליח־צבּור איין היימשׂ אַלשׂ
דאשׂ אים עבּן וואַר“, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע
פֿון ר, מאיר ש,,ץ, פֿירט 1694 [פֿש III]. ,,אונ,
,
טעט וויא דוא אין האשׂט אַ'“, מחזור שלש
רגלים, ח“ב, אַמשט 1713, קפֿה/ב. “האָט גינומן
איין שיסל מיט גוט אופּס אונ האָט אימשׂ צום
לון גישיקט, און הוט אים אַזו אַ'...“, לט1,
קיד/א.

אַנטבּאָקט — אַדי. > בּאָק. מיט חוזק.
שפּאַסיק ווש, פּאַראָדיע אויף אַנטציקט (.)
[וואָס שטאַמט כלומרשט פֿון ציג.] “ער גייט
דאָ אַרום אַן אַ'ער“ פֿון וואָס בּיסטו אַזוי
, ,,
אַ, געוואָרן?“, — דו בּיסט אַנטציקט? —
יאָ, איך בּין אַ',,.

אַנטבּונדן ווערן — ← אַנטבּינדן. געלעגן
ווערן און געבּוירן אַ קינד. בּאַפֿרײַט ווערן פֿון
שוואַנגערשאַפֿט. איבּערקומען אַ שווערע
געבּורט. ,,ערשט אויפֿן דריטן טאָג איז די שנור
אַ, געוואָרן“.

אַנטבּיטן — ~בּיט, ~בּיטן. אַרכ.:Mhd
ent + bie en. פֿרגל אַנטבּאָטן. 1. אוטוו.

פֿאָרלייגן. ‶דען איין טובֿה מאג איך דיר פֿרײַא
אויפֿן בּערליך אַ'‶, סהמ, שמואל א,
ווילהרמרשדאָרף 1716, נד/א. „דאַרום וואַר ער
[יוסף] צו יעקבֿ אַ', ער וואָלט אים זעצן אין
(גושן) נאהינט בּײַא מצרים‶, צאינה, ויגש.

2. בּאַפֿוילן [פֿערזאָן אין דאַטיוו]. ‶אַנטבּיט
היים וואז דוא ווילשׂט דײַנם גזינד‶, '
היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש‶ץ', □ירט
1694 [□ש III]. ‶האָט אונשׂ דאָך ענטליך מיט

אַנטבּלויזן

סוחר אַנטבּיטין לאזין דאז בּעלי זצ„ל ניט
י□
אַנדרשט טון זאַל אונ, לשטאַטין קומין‶, גה,
2□1.

3. טרוו. אָנזאָגן. איבּערגעבּן. לאָזן וויסן.
„דא זאָלין זיא ניט איר הסכּמה אודר איר דעה
ע‶י שמשׂ אַ', נייארט זיא זאָלין צו אַנדר
גיין‶, תּקק. „זיא אַ, אונז אין אַל דיא לנד דז
מיר זיך זאָלן פֿרייאן‶, יעקבֿ טויסק, איין
שוין נײַא ליד פֿון משיח, אַמשט 1666. „טוט
איינר פֿון אונז עטוואשׂ איין נוץ אַ'‶, מרדכי,

.30/20
אַנטבּינדן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~בּונדן.
דטשמ. 1. אָפּנעמען אַ קינד פֿון אַ
קימפֿעטאָרין. (העלפֿן) דורכפֿירן געבּורט. 2
פֿו.
נאנדערבּינדן פֿונאַנדערטיילן. אָפּבּינדן, אָפּטיילן.
—
.
—ונג — „ד אַ, האָט דורכגעפֿירט אַ געניטער
י

אַקושאָר„.
אַנטבּירגערן — טרוו ־ער, ~בּירגערט.
.
מאַכן פֿאַר אויס בּירגער; אַוועקנעמען
בּירגערשאַפֿט. אַ, די וואָס האָבּן זיך מיט עפּעס
פֿאַרזינדיקט לגבּי דער מאַכט. אַ, אַלע
אומלעגאַלאַרײַנגעקומענע אימיגראַנטן. ־ונג.
אַנטבּלויזט — אַדי, פּאַר אַנטבּלויזן ←.
1. וואָס איז אויפֿגעדעקט, אָפּגעדעקט. נאַקעט.
וויקלען די רצועות אויפֿן אַ'ן אָרעם. מיט אַן
אַ'ן קאָפּ — מיט אַ הוילן קאָפּ. מיט אַן אַ'ער
האָריקער בּרוסט. אַן אַ'ע נאַקעטקייט. „דאָרט
טאַנצן די מיידן מיט הערצער אַ"", אַר, „די
טירן פֿון פּאַלאַץ'. „,... זיך אויסגעמישט מיט

דער פֿרישער קילקייט פֿון אומגעריכט אַ'ער

-

ערד“, רחל קאָרן, ערד. 2. וואָס איז ניט
באַדעקט, ניט איבערגעצויגן מיט עפּעס. “די
אַ'ע שטיקלעך װענט איך װאָלט פֿאַרשטעלט

מיט מײַנע הענט“, האַל, ערדישע וועג. „אינעם

טרעפֿן־צימער געשפּריצטער טינק. די
פֿריקאַסעטן זענען פֿון אַ'ן בעטאָן,,, פּראָספּעקט פֿון
דירות אין יזרעאליה, 1964. ־ערהייט.
־קייט — „עפּעס פֿאַרטײַען זיי אין פֿיבער,
אירע פֿיס, נאָר זייער זילבערנע אַ, נעמט קיין
פֿײַן ניט“, פּמ, מלחמה I.
אַנטבלויזן — טרוו. ~בלויז, ~בלויזט. פּפֿ:
~בלייזן. en b1 Mhd: ent — ־ 1.
אָפּדעקן (אויסטאָן) מע זאָל זען; מאַכן נאַקעט.
אַ, דאָס לײַב. אַ, דעם קאָפּ. אַרונטעררײַסן
דעם שלייער און אַ, די פֿאַרוויינטע אויגן. מלל
פֿאַרטײַטשט 'נחמסו עקבֿיך, (ירמיה, יג, 22):
„ענטבליזט“ [תּי: „אַנטבלויזט געוואָרן דײַנע
טריט„]. „ער האָט ענטבלוזט, גאָט, דען ארם

זײַנר הייליקייט“, טח, דבֿרים, נכ, 10 [תּי: „גאָט האָט אַנטבלויזט זײַן הייליקן אָרעם“].
“און, זיא טעט אירי צוויא הענד אויף איר הויבּט און, זיא אַנטפּלישׂטי איר הויבּט און, איר האַר„, יוסיפֿון, אַמשט 1661.

2. אויפֿדעקן. אַרויסשטעלן ווי עס איז. אַנטפֿלעקן. עקסהיבּירן. אַ, די שאַנדע, די חרפּה. אַ, דעם ציל, די כּוונה. אַ, זייער אמתן פּרצוף. אַ, די בּזיונות. טח פּאַרטײַטשט 'וירא משה את העם כּי פּרע הוא, (שמות, לבֿ, 25): “און, ער זאַך משה דז ואלק ווען אנפּלומtט“ [תּי: „... אַז

אַנטבלו◌ זעריש

עס איז צעווילדעוועט“]. “די ווערטער, ווי אָפּגעריסענע בּאַנדאַזשן, האָבּן אַנטבּלויזט אַ וואונד וואָס איז געלעגן בּאַהאַלטן אונטער זיי דורך לאַנגע יאָרן„, רחל קאָרן, ערד. “דער ◌אָריקער סאַטיר — דער קינסטלער — זײַנע זינד אַנטבּלויזט ער„, חג, דער מענטש פֿון פּ◌.ער. „אַן אַלטער ציגײַנער... אַנטבּלויזט... זײַן גרײַזגראָען טרויער„, סוצ, פּאָעטישע ווערק I, ז, 48.
אַ, דאָס ה אַ ר ץ — אַנטפּלעקן וואָס עס

□

דריקט, אויפֿדעקן די אמתע געפֿילן. *אַ, די
ש וו ע ר ד — אויך: אָנהייבן אַ מלחמה. ״די
אמתע מאָטיוון פֿון אַזעלכע 'גאָטספֿאָרכטיקע,
רעזאָלוציעס האָבן אַנטבלויזט די פֿאָרשטייערס
פֿון דער של אַבטע,,, ימ איבז, שד II □. מיט
י
ז י ך. ־ונג — ,,פֿון זינגערס ערשטע
געראָטענע דערציילונגען... האָט געבלאָזן אַ
שאַרפֿער ווינט פֿון אַנטי־ראָמאַנטישקייט און
פֿון קריטיש־ראַציאָנאַליסטישער אַ״, ש. ב □ל,
י

שרײַבער פֿון מײַן דור I.
אַנטבלויזעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע
אָדער די כּוונה צו אַנטבלויזן. אַ'ע שילדערונג.
״געשריבן איידל און ניט אַ',,, ש. ביקל, טמז,
1964 □ 31. □קייט.
אַנטבל□ען — ~בלי, ~בליט. אויטוו —
אויפֿהערן בליִען. ,,געבליט ווי אַ מיידל און
אַנטבליט ווי אַ ווײַבל״. טרוו — מאַכן עס
זאָל ניט בליִען. היפּוך פֿון אויפֿבליִען. ״דער
פֿראָסט האָט אַנטבליט די פֿרוכטביימער״.

אַנטבלעטערן — טרוו ־ער, ~בּלעטערט.

באַפרײַען פֿון בּלעטער; אַוועקנעמען בּלעטער. אָפּדעקן נאַקעט (אַ בּוים) דורך אַוועקנעמען, אַראָפּרײַסן פֿאַרסמען די בּלעטער. אַ אַ טייל

פֿון דזשונגל. דער ווינט אַנטבּלעטערט די
ביימער. אורח, 104 פֿאַרטײַטשט 'ויחשף,

(תּהלים, כט, 9): ,,ענטבּלעטערט, דעקט אָפּ,,
[תּי: ,,אַנטבּלויזן,,]. מיט ז י ך. ־ונג —
אורח, 55 פֿאַרטײַטשט 'בּשלכת, (ישעיה, 1,

13): ״אין ענטבּלעטערונג״ [תּי: ,,ווען בּלעטער צעפֿאַלן״]. ~בּלעטערט — אַדי. ,,איבּער די אַ'ע בּולוואַרן שטאַרן די בּיימער מיט געשטאָרבּענע צווײַגן,,, מלך ראַוויטש, נאַקעטע לידער.

אַנטבּעטן — ← אַנטבּאָטן, אַנטבּיטן. אַרכ. ,,מן להחסיד אנטבּעטין האָט התינוק זיי גיפֿונדין״, 'כּ,,י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III].

אַנטבּעל־(ה)גוף(עווע)ן — [... בּאַלעגוף...]

טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ׳י,,בּעל־(ה)גוף(עווע)ט.

אויך. ־גופֿ(ענע)ן. סאָוו. לויט (פֿון) רוס:

.

□au□]□יa□]□ac□]. מאַכן אויס בעל־הגוף דורך
צונעמען, קאָנפֿיסקירן אייגנטום (ספּעצ לאַנד
און בהמות) בײַם רײַכערן פּויער (בעת דעם
קאָלעקטיוויזאַציע־פּעריאָד אין סאָוו'־פֿאַרבאַנד
אין די 30קער יאָרן). "מע דאַרף פֿריִער
דורכפֿירן אַן אַרבעט צווישן די קאָלווירטניקעס...
אָט אַזוי אינמיטן דערינען נעמט מען עס
און מע אַנטבאַלאַגופֿעוועט? מ□ דאַרף אַז די
קאָלווירטניקעס זאָלן זיך אַליין איבערצײַגן
אין דעם, אַז מע מוז די צוויי קולאַקעס אַ',,,

1539

י פֿאַליקמאַן, צווישנ סאָפּקעס, באַרדיטשעוו
□
1937. ,,אי דאָס אַ, אי דאָס אַרגאַניזירן דעם
קאָלווירט,,, נ. לוריע, 'הימל און ערד,, סאָוו,

□
היימלאַנד, 5 1963, No. ־גופונג — ,,ווער
פֿון אונדז קען ניט דעם בעל־גוף? ער האָט

אונדז די גאַנצע לײַב דורכגעהריזשעט. אָט פֿאַרוואָס איך בין פֿאַר דער סאַמער פרינציפּלאָזער אַ'", ה. קאַמענעצקי איבז, פּ. פּאַנפֿיאָראָוו, מיט פֿעסטנ טראָט, מינסק 1936.
אַנטבערן — טרוו ־ער, ~בערט. אַרכ

> פֿרידײַטש. זיך באַגיין אָן עפּעס אָדער עמעצן. אויסקומען אָן עפּעס. זיך ניט נייטיקן אין עפּעס (עמעצן). "דא וואַר דער הגמון צו ראַט גיגעבן דש ער דיא מוטר מיט דעם קינד צו דעם מלך שיקט. דען דש קינד קאַן דיא מוטר ניט אַ',,, מב, מעשׂה קצבֿ. ,,עש איזט ניט מיגליך דז דוא דיא לײַטין ענטבעהרן קענשט", ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבורג תצ"ט, מט/א.
אַנטבראָנ(ד)זן — טרוו ־נ(ד)ז, ~בראָנ(ד)זט.

-

.

אַרונטערנעמען, אַראָפּנעמען, אַוועקקראַצן (פֿון עפּעס) דעם בראָנ(ד)ז. ,,דער דענקמאָל טאָר ניט אַנטבראָנדזט ווערן", י. יאַנאסאָוויטש, מיט יידישע שרײַבער אין רוסלאַנד. ,,איז

אָנגעגאַנגען אַן אַקציע פֿון אַנטבראָנזן, גרויסקייטן.
,
אַראָפּנעמען דעם בראָנז פֿון זייערע
דענקמעלער, פֿון זייערע מאָנומענטן,,, היימ ש,
ת,,אָ, שבֿט־אָדר תּשכ,,א ־ונג.

אַנטבּרעמען — טרוו. ~בּרעם, ~בּרעמט.
נעאָל. מאַכן עס זאָל זײַן אָן ברעמען.
אויסצופּן, אָפּגאָלן, אַוועקשערן אָדער פֿאַרשמירן
די בּרעמען. אַ, די ליאַלקע. דער קלאַון
אַנטבּרעמט זײַנע בּרעמען מיט אַ דיקער שיכט
שמינק(ע).
אַנטבּרענען — אוטוו. ~בּרען, ,י.,בּרענט.
אַרכ. 1. אָנהייבן בּרענען. (זיך) אָנצינדן.
(זיך) אויפֿהיצן. (זיך) אויפֿבּרויזן. (זיך)
דערהיצן. מלל פֿאַרטײַטשט 'כּי נכמרו רחמיו אַל
אחיו, (בּראשדת, מג, 30): ,,(ענטבּראנט) אודר
(דערהיצט [תּי. פֿאַרקלעמט“]. 2.
אויפֿפּ ,,
הערן בּרענען, אויפֿהערן זײַן צעהיצט. ,,אונ,
אַז ער זאַך... איר שונהייט דא ענטבּרענט אין
אים זײַן צורן אונ, (דער בּיזי גידאַנקן),,,
יוסיפֿון, אַמשט l661, קסג/ב.

אַנטגאַנג — דער, ־ען. דאָס סאַרקערטע פֿון
-

גאַנג. צוריקגאַנג. אָפּשאַפֿונג פֿון עפּעס וואָס
איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ גאַנג פֿון אַ באַוועגונג.

,
אַנטגויאישן — טרוו. ־איש, ~גויאישט.
1. מאַכן פֿאַר אויס גוי. ,,אַ פּאָל אַק וואָס
,
פּראַוועט גלות צוזאַמען מיט אַ ייִדן נעמט
גלות.־לעקציעס בײַ זײַן ייִדישן פֿרײַנד און
ווערט ביסלעכווײַז אַנטגויאישט“, צײַט, טמז,
2 .9 l956 III. באַפֿרײַען פֿון גויאישע
אײַנפֿלוסן. אײַנפֿירן מער ייִדישקייט; מאַכן
ייִדישלעכער. אַ, די 'יאַהודישע, אינסטיטוציעס. אַ,
די רעפֿאָרמירטע טעמפּלען. —ונג.
אַנטגופֿן — טרוו. ~גוף, ◌יי־,גופֿט. נעאָל.
באַפֿרײַען פֿון גוף. אַוועקנעמען דעם גוף.

אַנטגיין

◌ס'וועט מיך דער מלאך פֿון שטאַרבן אַ',,,
ציי◌ן, לידער פֿון חורבן און לידער פֿון גלויבן.

אַנטגופּט — „און אפֿשר די אותיות פֿורחות אָ'ע וואָס וואַנדלען אין חלל אַרום“, א. גאָלדבלאַט, צוק, 1962, IX.
אַנטגיין — אוטוו. ~גיי, ~גייען; בּ י ן ~גאַנגען („י.גאַנען). 1 .n]— e :1)Mh.
אַנטלויפֿן. אַנטרינ ן. ניט ווערן. ס'איז פֿון מיר אַנטגאַנגען. „לכן דאַרום, אַזו זאָגט גאָט, איך וויל בּיז איבּר זי גין לוסן, דאשׂ זיא ניט זולן אַנט גין מיגן“, שעריר, יא, 11. „ער שטך מקאבּרון מיט זײַנר שטאַנגן. דשׂ אים זײַן ז י ל וואַר שיר אַנטגנגן“, בבא־בוך, 127. “לאָז ער נאָך איין ווײַל דר מיט שפּילן, עז ווערט דאָך אונשׂ ניט אַנטגין„, מנקת רבֿקה קראָקע שע“ח, שער שלישי ה/א. “מיט ים־אָטעם פֿאַרפֿלייצסטו מיך, מיט ליכט פֿון אַדוני, אַ קוק — און גלײַך אַנטגייסטו מיר, דו וואונדער־שיינע רוי“, צײַט, ,שכינה,.
2. (אויך אקוזוו) אויסמײַדן. אויסדרייען זיך. אַרויסדרייען זיך. ניצול ווערן. אַ, (פֿון) אַלע סכּנות. אַ, (פֿון) אַלע שפּיאָנען וואָס האָבּן אים אַרומגערינגלט פֿון דעם טויט און פֿון

אַ חובֿ אַנטגייט מען ניט“, שוו. ,,און ווײַל דו
בּיסט אַ בּחורל מיט פֿאַלשע געדאַנקען ון
פֿאָניעס הענט זאָלסטו ניט אַ''“ פּל. ,,ס אַנטגייט
(פֿון) אים ניט דאָס טעלערל פֿון הימל“, פֿוול=
א) ער איז זייער אַ מזלדיקער; בּ) עס פֿעלס
אים קיין זאַך ניט. ,,זיא אום רינגלטן דודש
הויש, צוואַר ער קאַן אונש ניט אַנטגון“,
שמואל־בּוך, סטראָפֿע 451. ,,נון קענן זי מיר
ניט אַנטגין, זיא מושן מיר ווערן“ [= קומען,
אַרײַנפֿאַלן אין מײַנע הענט], בּבא־בּוך, 396.
“הײַנט וועלן זיי פֿון מײַנע הענט ניט קענען
אַ',,, (אַרויסגעבּער פֿ. מאָלדאָווסקי), דיא
גישיכטע פֿון בּבֿא, וואַרשע 1878. ,,דער ליבּ
[= לייבּ] מוז מיר ווערן צו טאָל, ער קאַן מירז
זיכר ניט אנטגין“, ספֿר משלים פֿפֿדמ 1686,

כא/א. ,,[דער מענטש] קיין שעה זיכר איז פֿאַר

דעם טויט און ער קענשׂ יוא ניט אַנטגין, דען אין איין רגע קאַן ער לעבּנדיג און טויט זײַן,,, לט1, קיב/א. ,,זיא וואושׂטין זיך קיין עצה און, ראָט אום צו אַנטגין דעם בּיטרן טוט,,, משל הקדמוני פּפֿאָ 1759, ה/א. ,,דערום זאָל
איט,
לעכער מענטש טראַבטן אַז ער מוז דאָך שטאַרבּן און ווערט דעם מלאך־המות ניט אָ',,, נשיקות משה, לעמבּערג 1862.

3. זיך אויסלאָזן. ענדיקן זיך. אויספֿעלן. פֿאַרשלאַפֿט, אָפּגעשוואַכט ווערן. ניט האָבּן מער קיין כּוח צו לעבּן. ,,ס'קומט מיר אויס צו אַ, פֿון הונגער,,. כ אַנטגיי פֿאַר הונגער (פֿאַר היץ).

,

,,גיוויש דשׂ אינן ניקשׂ זאָל אַנטגין,,, מראה המוסר, פּראָג 1610, מו/א. ״דאַרום אַנטהאַלט דײַן ראַט ניט פֿון מיר, דען איך בּין אַלט און, מײַני קראפֿטין זײַנן מיר אַנטגאַנגין״, יוסיפֿון, אַמשט 1743. ״צו דר קענין אויבּ איין חולה דען עיפּוש אַן זיך האָט, ראשון אַנטגיט אים זײַן קרעפֿטן...״, סור II פֿיורדא תפּ״ח, כח/ב.

,

,,דאָ וואַר אויף דעם פּלאַץ אַבֿרהם זײַן כּח אַנטגאַנגען״, צור, לך לך. ״דו זאָלסט ניט

אַנטגײַסטיקן

אַוועקוואַרפֿן מיך אויף מײַן עלטער ווען מײַן
כּות וועט אַ,,,, איין נײַע שס תּחנה, פֿיעטריקאָוו
.1881

4. זיך אָפּשטעלן. אויפֿהערן. (אַזוי ווי)
פֿאַרגליוועט ווערן. אָנטשטילט (פֿאַרשטילט) ווערן.
"... האבּן מיך אַזו גאַר זיר מבייש גיוועןן,
דז מיר דאשׂ בּלוט אָנטגנגן איז", סהמ, תהלים,
לה, 15. ,,זיי האָבּן מיך אַזוי גאָר (מבייש)
געוועזן דאָס מיר דאָס בּלוט אַנטגאַנגען איז,,,
תּהלים, וואַרשע 1848. ,,ווען אַ מענטש
דערשרעקט זיך, דאָ אַנטגייט אים זײַן בּלוט,,,
ר, אַהרן מטריבֿש, מצח אַהרן, וואַרשע תּר,,ג.
*עס אַנטגייט דאָס האַרץ = א) עס פֿאַלט
(מיר) אַרויס דאָס האַרץ (פֿון הונגער, שרעק).
,,דז הערץ ווז אין אנטגנגן, זיא דר שראקן
אוישׂ דר מאשׂן,,, מלכים־בּוך, 1583. ,,זאָל
אײַער ׀אַן פֿרי פֿאַרבײַסן, ער זאָל זיך נישט
לאָזן דאָס האַרץ אַ',,, ז׀.נוול דיאַמאַנט, פּאָרויס,
מעקסיקע יאַנ, 2׀19; ב) אַ געפֿיל, אַ תּאווה
שטילט זיך אײַן. ,,עס אַנטגייט אים דאָס

האַרץ און דער כעס גייט אים אָפּ“. “איר
האַרץ אַנטגייט און דערפֿילט זיך מיט גרויס
רחמנות אויף איר אויסגעמאַטערטן מאַן„,
ווײַס,ווירקלעכקייט, וואַרשע 1925; ג) דזוו דאָס
האַרץ צעגייט (פֿון מתיקות פֿון נחת אע).

—

פֿון אַזאַ זינגען אַנטגייט דאָס האַרץ“.

5. בטל ווערן. „די ספּראַווע וועט דאָך
קיינמאָל נישט אַ',„. „אַ גוט וואָרט אָנטגייט ניס,
אַ שלעכט וואָרט באַשטייט ניט“, שוו.

6. זיך אָפּטאָן. פֿאַרלאָזן. פֿאַרלירן. פֿאַרגעסן.
„איך קאַן אײַך קיין תּורה מין לערנן דען
משה איז אַנטגאַנגן דען שׂכל פֿון דער תּורה,„,
צאינה, קמד/ב. „דען זיא ווערן זאָגן זיך, איר
קנעכט זײַנן אין אַנטגאַנגן, מכּל־שכּן מיר...
הערין דער וועלט„, מחזור שלש רגלים ☐ ח„בּ,
אַמשט 1713, קצה/ב. „תּכף אַלץ מיר דיא
וואַשׂר זײַן אין האַלז גקומן איז מיר דער שׂכל
אַנטגאַנגן„, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא,
שקלאָוו 1796, פּרק י'. „ס'איז פֿון מיר
אַנטגאַנגען וואָס ס'איז געשען יענע נאַכט„. „ער
האָט איר געלאָזן בײַם טויער שטיין, זײַן
צווייטע ליבּע האָט ער געטאָן אַ,“, פּל.

7. שטאַרבן. אויסגיין. אַוועקקומען. ווערן
אויס. „אוי, ניט מער ווי צוליב סודות טוט
מיר מײַן יונג לעבן אַ'„, פֿל. „דו טוסט
פֿאַרלענדן זייער כּוח, טוען זיי אַ, און קערן זיך
אום צו דער ערד צוריק„, מ. א. גליקמאַן, ספֿר
בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898. "איך בּין אַ יתום
פֿון געבּוירן אָן. מײַן מאַמע, די געווינערין,
איז מיר אַנטגאַנגען — און איך האָבּ נישט
געזויגן איר מילך און נישט געגעסן איר
געקעכטס", י מ. ניימאַן, שבּת־אויבּס, וואַרשע
1923. „ער אַנטגייט. ווערט אויס מענטש„,
בּימקאָ. „אָן דעם [בּרויט] וואָלט אויסגעקומען
חס־ושלום ממש צו אַ'„, יחיאל לערער, מײַן
הייס.

8. ניט בּאַמערקן, ניט דערזען, ניט
פֿאַרשטיין. „קיין איינצלהייט איז מיר ניט
אַנטגאַנגען„. דער ראָגאַטשאָווער גאָון רעדט

גיך()154

גיך און עס איז אונדז אַ סו אַנטגאַנגען„, רייד
(דווינסק). "שעלבּין שטרײַך [= שפּיצל,
פֿאַלשקייט] איז פֿון דיר ניט אַנטגאַנגן", ספֿר
מרגניתא פֿיורדא 1791, ה/ב.

'

אַנטגײַסטיקן — טרוו. ־טיק, ~גײַסטיקט. מאַכן עס זאָל ניט האָבן, ניט פֿאַרמאָגן קיין גײַסט. באַפֿרײַען פֿון גײַסט. ,,אין אונדזער נאַטורוויסנשאַפֿטלעך־אָריִענטירטער עפּאָכע לײַדן מיר אָבער פֿון דער טענדענץ אַלץ צו אַנטזעלן, אַלץ צו אַ',,, גרינג, איד און וועלט.

אַנטגילטיק — אַדי. פֿאַרגרײַזטער אופֿן שרײַבן פֿון ענדגילטיק.

אַנטגיפֿט(יק)ן — טרוו. ~גיפֿט(יק), ~ גיפֿט(יקט). באַפֿרײַען פֿון גיפֿט. מאַכן עס זאָל ניט האָבן קיין גיפֿט. אַ אַ גיפֿטיקע שלאַנג.

'

אַ, דעם דעמאַגאָג.

אַנטגליטשן — אוטוו. איצ, אימפּ נבֿ; ,גליטשט. אַרכ. אַוועקקײַקלען זיך. אָוועקגליטשן זיך. ,,דײַן אָרעם האשׂטו אַנפֿלעקט אין מצרים דא וואַר אַנטגליטשן די ערד.....,

מחזוק ר"ה ויו,,כּ, הומבורג 1721, קעו/בֿ.

אַנטגלייבן — טרוו. ~גלייבֿ, ~גלייבט. נעאָל. מאַכן מע זאָל אויפֿהערן (צו) גלייבן (אין עפּעס אָדער עמעצן). דערפֿירן צו דעם מע זאָל אויפֿהערן גלייבן. אַ, די פֿאַרנאַרטע. מיט

ז י ך — אָנטווישן זיך [אַ, זיך פֿאָרגעלייגט פֿון
ימ אין 1939. עס האָט זיך ניט אָנגענומען.]
אַנט(ג)לייטן — אוטוו. ~(ג)לייט, ~(ג)לייט.
אַרכ. Mhd: en□ +]□e̅le□ten. אויסגליטשן
זיך. מאַכן פֿאַלשן (קרומען) טריט. געשטרויכלט
ווערן. „... מײַני ליידגר זעלטן זיך פֿרייאן...
ווען איך ווער אַנטגלייטן [תּי: „אַז איך וועל
אומפֿאַלן"]„, עפּש, סידור תּפֿילות II, אַמשט
תק"ח, עד/ב. „דער רשע גדענקט זיך... אין
זײַן הערצן... ער ווערט ניט אַנטלייטן„,
דאָרטן, עג/ב.
אַנטגליקן — טרוו. ~גליק, ~גליקט.
אַוועקנעמען, צונעמען גליק. מאַכן מע זאָל ניט האָבן
קיין גליק. אַ, די פֿעטע, די זאַטע, די
גלײַכגילטיקע.
אַנטגעגן — ← אַנטקעגן. „אַ, פֿון אַלמעמער
הערט זיך נאָך אַ קול„, ילג, סtיחת חולין,
וואַרשע 1889.
אַנטגעטלעכן — טרוו. ~געטלעך, ~
געטלעכט. נעאָל. אַוועקנעמען געטלעכקייט פֿון
עפּעס. מאַכן עס זאָל ניט פֿאַרמאָגן קיין
געטלעכקייט. „אַן אַפּיקורסישער פּרוּוו צו
פֿאַרוועלטלעכן, צו ,אַנטגעטלעכן, די געדיכטענישן
פֿון דער רעליגיע„, מ ווינער, צו דער געשיכטע

ון דער ייִד, ליט, אין 19. יי"ה
אַנטגעגטערן — טרוו. ־ער, ~געטערט. מאַכן
סאַר אויס גאָט, מאַכן מע זאָל אויפֿהערן

פֿאַרגעטערן עמעצן. „דער נעכטיקער גרויסער
אָפּגאָט סטאַלין איז היינט אַנטגעטערט געוואָרן".
„דאָ איז ניט קיין גדול אַראָפּ פֿון זיין גדולה.
דאָ איז גאָט אַנטגעטערט געוואָרן", חיים
ליבערמאַן פֿאָר, 8 XI 1961.   מיט ז י ך — „און
,

אַנטדעקבאַר

ווילסטו יאָ אַ שטיקל תּיקון זיך געפֿינען,
אָנטגעטער זיך, ווער איינס מיט אונדזערע רואינען„,
הל, 1950.
אַנטגע'לט — דער? מצ נבֿ. אַרכ. געצאָלט.
סאַרגיטיקונג. „זולי דא מאהל ביום ה, או ביום
-

שבת קדש ביא מחותנים ומחו[נת, צו זאמין
קונפֿט קיין כלי זמרים און סערוור, וואָן אויך
אהני ענטגעלט בדיהנן וואָלין — ניבט געהאלטין

ווערין“, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תּקכ,,ז
[ייִבֿל I].
אַנטגעלטן — טרוו. ~געלט, ~געלט. אַרכ.
אָפּצאָלן, אָפּקומען פֿאַר אַ זינד. ,,דאַרום זאָל
מן אויף זעהן ווער דיא עבֿירה טוט צו שטראָפֿן
אים דשׂ ניט דער אונשולדיגר זאָל אַ',,, צאינה,
קמב/ג. ,,איך דנק הש,,י דער מיך מײַן זינד
האָט לאָזן אַנטגעלטן,,, סהמ, איובֿ, לג, 27.
,,מיר בּיטן דיך, גאָט, דשׂ דוא אונשׂ ניט לושׂט
אַ, דז בּיז דז מיר טונן דז מיר ווערפֿן דען מאַן
אינשׂ מיר [= מער, י□],,, טח, הפֿטורה יונה,
א, 14. ,,וויא מן דען גפֿינד אָפּט אונ, ניט זעלטן,
דאז דער און שולדיג מוז □.ט דען שולדיגן
אַ'“, □צוכט.
אַנטגעצן — טרוו. ~געץ, ~געצט. נעאָל.
מאַכן פֿאַר אויס געץ ־ונג — ,,נאָך דער
—
.
אַ, פֿון סטאַלינען“, יג, 1956.
אַנטגראָזן — טרוו. □,גראָז, ~גראָזט. נעאָל.
מאַכן עס זאָל קיין גראָז ניט זײַן, ניט וואַקסן.
אַ אַ שטח ערד. ,,אַ פֿײַערצונג פֿון בּלוט די
’
קאָסע האָט געלאָזט לעם אַ בּאַגראָזטן שטראָם

וואָס זי האָט אים אַנטגראָזט,,, מ. ז. טקאַטש, גק, No 46.

אַנטגריבלען זיך — אוטוו. ־בל זיך, זיך ~גריבלט. נעאָל אויפהערן זיך צו גריבלען. זיך מער ניט וועלן גריבלען. ,,האָט געוואָלט אויפדעקן דעם גאַנצן מיין פון זײַן קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע, וואָס זוכט צו אַ, זיך און צו רעדוצירן דאָס וואָרט... צו דער מוזיק“,יג, תּוך I, 138.

אַנטגרייסן — טרוו. ~גרייס, ~גרייסט. מאַכן אויס גרויס. אַ, דעם פּירער. מיט ז י ך — ,,כ'האָב שוין אַנטגרייסט זיך,,, מ. ז. טקאַטש, צוק, אָקט, 1955.

אַנטדאָרשטן — טרוו. ~דאָרשט, ~דאָרשט. מאַכן אויס דאָרשטיק. אַוועקנעמען, שטילן דאָרשט. אויב ערגעץ פּאַראַן איז אַ לעבעדיק וואַסער וואָס זאָל אײַך אַ', — איך גיי עס געפינען,,, סוצ, געהיימשטאָט, ז, 156.

אַנטדייטשמערישן — טרוו. ־ריש, ~ דײַטש־־ מערישט. באַ רײַען, אויסרייניקן פון דײַטשמעריזמען; מאַכן עס זאָל זײַן אָן דײַטשמעריזמען. ,,דאָס אַ, די ליטעראַרישע שפּראַך דאַרף

געטאָן ווערן יסודיק“, י. מאַניק, אין טריט פֿון
דײַן וואַנדער, אַרײַנפֿיר. [מוו האַלט אַז די אַלע
ווערבן מיט אַנט־ חוץ די פֿאַרוואָרצלטע אין
פֿאָלקס־לשון זײַנען דמשמ, בכן איז אויך, לויט
זײַן שיטה, אַ, — דטשמ.]
אַנטדעקבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע
קען אַנטדעקן.

אַנטדעקונג
אַנטדעקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנטדעקן. אַ, פֿון אַ נײַעם
אינדזל. אַ, פֿון אַ וויכטיקן היילמיטל. אַ, פֿון
אַ באַנדע שווינדלערס. אַ לאַבאָראַטאָרישע אַ'.
“ט־ך איז געווען פֿאַר שלמהלען אַ נײַע אַ', ווי
אַן אַנטדעקטע אינדזל אַשטייגער אין ים
אוקינוס, חסידים זײַנען אויך ייִדן!„, ממוס, שלמה.
אַנטדעקט — אַדי, פּאַר אַנטדעקן ←. וואָס
מע האָט אַנטדעקט, (אויס)געפֿונען. אַ'ער
אינדזל. אַ'ע פֿאַרשווערונג. „דאָס איז אַ נײַ אַ'ע
זײַערע (קיסלאָטאַ) וואָס מאַכט אַז אין איין
פֿערטל שעה גייט אויף דאָס טייג“, קמ, 1865,
No 32. אַ, וו ע ר ן — אַ, וו, פֿון דער פּאָליציי.
אַ וו, ווי אַ קינסטלער, שרײַבער. „דערנאָך
וועט ווידער ליכטיק ווערן און עס וועלן וו, אַ,

גרויסע סודות און די שכינה וועט רוען צווישן
ייִדן“, אַש, תּהילים־ייִד ־קייט.

אַנטדעקן — טרוו. ~דעק, ~דעקט. [
אַרויסגערעדט אויך: „אַנדעקן“.] 1. זוכן (נאַוויגירן,
עקספּלאָרירן) און געפֿינען, אָנשטויסן זיך אויף
עפּעס (אָפֿט צופֿעליק) וואָס מע האָט פֿון דעם
פֿריִער ניט געוואוסט, וואָס מע האָט יאָ (אָדער
ניט) גערעכט זיך צו געפֿינען. אַ אַ
ניט,
באַוואוינטן אינדזל. אַ אַ נעענטערן (ים־)וועג.
,
אַ אַ באַהאַלטענעם פֿאַרצײַטיקן אוצר. אַ אַלטע
,
כּתבֿ־ידן, יקר־המציאותן, אַן אומבאַקאַנטע
מגילה, וויכטיקע דאָקומענטן אין אַן אַלטער
אָפּגעלאָזענער חורבֿה (אין אַ קעלער, אויף אַ
בוידעם). אַ, פּרעהיסטאָרישע פֿאָסילן. אַ אַ שטאָט
,
פֿון די אוראַלטע צײַטן. אַ, דעם גניזה־אוצר
אין פֿאָסטאַט. אַ, די מילכקאַנען מיט דעם
רינגעלבלום־אַרכיוו אונטער די חורבֿות פֿון דער
פֿאַרברענטער געטאָ. „און קאָלומבוס בשעת
אים איז אַרײַן דער געדאַנק צו אַ אַמעריקע

,

האָט נעבעך שטאַרק געליטן,,, ממוס, מסעות.

,,אומגעפּער מיט אַ האַלבּ יאָרהונדערט צוריק

האָבּן נאַטורפאָרשער אַנטדעקט אין די

קעלערס אונטער די פּיראַמידן אין מצרים

קונסטפּולע אַרבעטן פון מעטאַלן,,, ר, יצחק וועבער,

מכונה ,מגיד', מפּתח למפּתח של לפרנסה

וכלכּלה, קאָלאָמיי 1938. "ער זאָל האָבּן

אַנטדעקט עפּעס אַן אוֹצר... און אָפּקויפן עס פּאַר

אָ שיבוש", ייִז, אַלט־שטאָט'.

,

אַ אַמעריקע — (שפּאַסיק) אַרויסקומען מיט

 ,

אַ נײַס וואָס איז אַלעמען באַקאַנט. זינט קאָלומ..

בּוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע = זינט אַ סך

יאָרהונדערטער. ,,זינט ק, האָט אַנטדעקט אַ,

איז אַזאַ שונד שבשונד ניט באַשאַפן געוואָרן",

שע, בלאָנדזענדע שטערן II.

2. פּלוצעם דערזען עפּעס (און אָפּשאַצן עס

ווי מען אַנטדעקט ווערטיקס). אַ, די סטאַטוע

אין פּאַרק. ,,אין דער זעלבער רגע האָט אַ

יונגער באַגײַסטערטער קינסטלער אין אַ צווייטן

עק זאַל... אַנטדעקט אַ יונגע בליִענדע
פּרינצעסין,,, דא, שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1910. ,,דאָ...
האָט ער אַנטדעקט אַ הערעלע שטעקן אינעם
מאַנטל, דאָרט — אַ שטויבעלע זיצן אויפֿן
הוט“, נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 3.
3. (אומגעריכט) דער ילן, דערשפּירן עפּעס
וואָס איז נײַ און ניט־געווען און עס אָפּשאַצן

1541

וו אַ וויבטיקע איבערלעבונג. סאַרשטיין וואָס
י -

מע האָט פֿריִער ניט פֿאַרשטאַנען. אַ אַז מען
,
איז פֿאַרליבט. אַ, אין עמעצן אַ טאַלענט. אַ,
די מעלות פֿון שטעטל. ,,ער וועט זי דאַרפֿן
אויסלערנען צו אַ, דעם מענטשן, און אַלץ
וואָס דער מענטש האָט געשאַפֿן...“, זשיט II,
נ,,י 1912. ,,ער האָט ניט געדאַרפֿט וואַרטן אויף
אַ קאָלומבוס וואָס זאָל קומען און אַ, אין
אים פֿאַר אים אַליין — זײַן י?דישקייט“,
-.-

שנ, קריטיק און קריטיקער.

4. מגלה זײַן, אַנטפּלעקן פֿאַר אַנדערע וואָס
מע ווייסט. אַ, וואונדערלעכע זאַכן פֿאַר די
תּלמידים. ״חוצדעם האָט ער אַנטדעקט פֿאַרדעקטע
סוֹדות וואָס זײַנען נאָך העכער פֿאַר דעם עוֹלם
המלאכים און עולם כּסא הכּבֿוד,,, שבֿחי הארי,
[קעניגסבּער] יאָר?
5. דערקענען און פֿעסטשטעלן, דערווײַזן,
באַשטעטיקן. אַ אַ קונסטבּילד פֿון אַן אַלטן
,
מײַסטער. אַ אַ ניט־באַקאָנטע פּיעסע פֿון אַ
,
גרויסן דראַמאַטורג.
6. אַרויסקומען מיט אַ רעוועלאַציע און
באַקאַנט מאַכן; אַרויסבּרענגען פֿאַר דער
עפֿנטלעכקייט. אַ, קאָרופּציע אין דער שטאָט־רעגירונג.
אַ אַ געזעלשאַפֿטלעכן סקאַנדאַל. אַ אַ
קאָנצענ, ,
טראַציע פֿון אַרמיי־אָפּטיילונגען אויף דער
גרענעץ. אַ, קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן,
מאַטעריאַלן. אַ, געהיימע פֿאַרהאַנדלונגען. אַ, די
דאָקומענטן, פּראָטאָקאָלן פֿון (אין) דעם
פֿאַרכאַפּטן נאַצ אַרכיוו אומצובּרענגען אַלע ייִדן.

י7. אָפּדעקן. אַנטהילן. אַנטבלויזן. אַ, דאָס נאַקעטע לײַב. אַ, די חרפּה = זיך אויסטאָן

מוטער־נאַקעט. אַ, פֿאַר עמעצן דאָס האַרץ =

.

אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרצן, אויסדערציילן וואָס מע פֿילט באמת. אַ, סודות פֿאַר דער חבֿרטע. אַ, אינטימע מאָמענטן פֿון אייגענעם לעבן. "איך האָב ניט קיין מוטער, קיין ליבנדע מוטער, פֿאַר וועמען אַ, מײַן ביטערעס האַרץ,, פֿרוג III.

,

8. נאָכשפּירן (עמעצן) און אויסגעבן. דערשנאַפּן. דערטאַפּן. אַ אַ טעראָריסטן־באַנדע. אַ,

,

א שפּיאָנאַזש־רינג. אַ אַ שײַקע גנבֿים. אַ אַ

, ,

-

פֿאַרשווערונג. ,,אַ גלח [האָט] באַהאַלטן עטלעכע ייִדן... אָבער די אונגאַרישע נאַציס האָבן די ייִדן אַנטדעקט און האָבן זיי דערשאָסן מיטן גלח צוזאַמען,,, מ. אונגער, טמז, 6 1966 I.

9. אויסגעפֿינען. דערטראַכטן זיך, דערגיין
צו עפּעס נאָך (דויערדיקן און סיסטעמאַטישן)
פֿאָרשן. אַ, וויכטיקן היילמיטל. אַ, פּעניסילין.
אַ אַ נײַעם מעטאָד. אַ, די טעכניק פֿון
איבער,
פֿלאַנצן אַ האַרץ. אַ, וויכטיקע, ניט־באַקאַנטע
פּרטים אין אַן אַלטן דאָקומענט, כּתבֿ־יד. אַ, אַ
נײַעם (כעמישן) עלעמענט. „די פֿעניציער האָבן
מיט טויזנטער יאָרן צוריק אַנטדעקט די המצאָה
ווי מע מאַכט גלאָז", ממוס, מסעות.
־עכץ. ־עניש. ־ער.
אַנטדעקעריש — אַדי. נעאָל. וואָס איז אין
דער נאַטור פֿון אַן אַנטדעקער. „אַן אַ'ער
וואָרט־ווירטואָז", היימיש, דעצ, 1960 ־קייט.
.
אַנטדרימלט ווערן — נייטראַל. ווער
~דרימלט, בין ~דרימלט געוואָרן. פֿטמ:

אַנטהאַלטן זיך
אַנדרימלט.... פּפֿ: אַנ(ט)דרעמלט
ווערן. [אַרויסרייד זייער אָפֿט: „
אָנדרימלט...„„.] אײַנשלאָפֿן מיט אַ גרינ ן שלאָף.
כאַפּן אַ לײַכטן שלאָף אויף אַ קורצער צײַט.

האַלטן בּ א, וו'. אַ, וו, אויף אַ בּאַנק אין
י
פּאַרק. „איך בּין אַ, געוואָרן... דו האָסט
גענומען זיך דרעסן [= אָנטאָן] ווי צו אַ בּאַל...„„
ד. עדעלשטאַט פֿאָלקס־געדיכטע, 1895. „ווערט
,
אַ אַוואָלדאַ מיט אַ ווערוריק אין שויס„, יעקבֿ
 י
פֿרידמאַן, פּאַסטעכער אין יtראל, ת אָ 1953.
„
אַנטדרימלען — זן. דזוו איַנדרימלען.
"רויש און ציטער און בּרויז — אַנטדרימלט,
אַנטדרימלט, שלאָפֿט איַן„, מאָן, דעמערונג
אין שפּיגל.
אַנטהאַלטן — ~האַלט, ~האַלטן. אַקוזוו
— דטשמ. אָפֿט געניצט. 1. האַלטן
פֿאַר,
מאָגן, האָבּן אין זיך. די בּאַריכטן אַ, אין זיך
וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע. אַ אַ וויכטיקן
פֿאַק,
טאָר. „אַזאַ זופּ, אונטערגעשלאָגן מיט אַן
איי, וועלכע אַנטהאַלט אַ סך מער פּעטקייט,
וויַסלעכן און איַזן אַלס פֿלייש, איז דאָך

עס ממש אַ פּקוח־נפֿש!,,, ייִל איבּז, דר,
יאַסינאָווסקי, אויס פֿלייש און פֿליישיגם, אַדעס
1909. ,,די שפּײַז... מוז אויך אַ, פֿאַרשי־
דענע זאַלצן, ווי קאַלי, נאַטרי, קאַלך, אײַזן,
פֿאָספֿאָר“ פֿגעז ווילנע 5 1925, No. ,,אַלע

-

,

פֿרישע צײַטיקע פֿרוכט... זײַנען די בעסטע
און געזינטסטע שפּײַזן... אויב מע באַלאַנסט
זיי אויס אין אַ געוויסער מאָס מיט עטלעכע
פֿראָטעאין־ און פֿעט אַ'דע ניס,,, מישולאָוו,
-
וועגעטאַרישע קאָך בוך, נ,,י 1926. ,,די פֿליסיקע
לופּט מוז פֿאַראייניקט ווערן מיט אַ ספּעציעלן
אײַנזאַפּער, וואָס אַנטהאַלט אַ סך קוילנשטאָף,,,
י. קאַמעניעצקי, דער זיג באַם דניעפּער, מאָסקווע
1932.
2. אַרײַננעמען (אין זיך). אײַנשליסן. כּולל
זײַן. ,,[ענערגיע] אַנטהאַלט אין זיך די מעגלעכ..
קייט פֿון געשעענישן“, גוטנ. ,,דער מקור פֿון
דער חכמה און שׂכל, וואָס אין דער נשמה פֿון

אָדם־הראשון, וואָס אַנטהאַלט אַלע נשמות פֿון די צדיקים...„, תּניא, 364. „אַלע ווייסן... וואָס אַנטהאַלט דאָס וואָרט בּית און וואָס אַנטהאַלט אין זיך דאָס וואָרט אוהל“, לדבּ, נ„י תּשי„ז. “... אַ, אין זיך אַ מאָדנעם כּישוף“, אַמעריקאַנער, 8 III 1958. „דער נײַסטער אַמעריקאַנער ווערטערבּוך אַנטהאַלט נאָך אַלץ בּאַליידיקנדיקע טײַטשן פֿאַרן וואָרט ייִד„, יג, טמז, 12 I 19 4.

טרוו. אַרכ — 1. אײַנהאַלטן. צוריקהאַלטן. „זיא איר רוֹגז אַ, און טונן פֿיל גמילת חסד“, לט1, קנה/ב. “דאַרום אַנטהאַלט דײַן ראַט ניט פֿון מיר...„, יוסיפֿון, אַמשט 1743. 2 פֿאַר.

בּאַהאַלטן פֿאַרבּאָרגן. „איך קאַן עשׂ דיר ניט
.
אַנט האַלטין און, מוז דיר זאגין דאז מיר דיא עסקים מבנך ר, ליבּ סג„ל גנץ ניט גיפֿאַלין“, גה, 218.

אַנטהאַלטן זיך — ← דפֿוו. 1. אַרכ. אײַנהאַלטן זיך. מלל פֿאַרטײַטשט 'ויתאַפּק ויאמר שׂימו לחם, (בּראשית, מג, 31): „ענטה לטין זיך“. 2. אַרכ. אָפּהאַלטן זיך. “ער גערין

אַנטהאַרט(עווע)ן

גיטרונקין האָט אונ, ײך ממש ניט קענין אַנט האַלטין,,, גה, 1o1. “... פֿון גאָטשׂ ווענין טוא דיך אַנטהלטין“, ײה II, פּיורדא 1723, יד/ב. ,,ווער זיך ענטהאַלט פֿון (עברות) קומט צו (כּבֿוד)“, ,,זיך צו ענטהלטין פֿון דיא ווערלטליכה דינגן אונ, גנוס אונ, צו ליבֿן (עולם הבּא),,, ס״ר מבחר הפּנינים, הומבּורג תּצ״ט. 3. אַרכ. געפֿינען זיך, אויפֿהאַלטן זיך. ,,ויוחנן בּן קרח און אַלי הייבּט לײַט די זיך אויף דעם פֿעלד

,

אַנטהלטן האטן קאַמין צו גדליה קען מצפּה,,, שעריר, מ, 13. 4. אַרכ. אויפֿהאַלטן זיך, שפּײַזן (זיך). “איין מלאָכה דז מן זיך דר פֿון אַנטהלט מיט זײַנם גזינד“, בּראַנט, פֿרק נו.
אַנטהאַרט(עווע)ן — טרוו. ~האַרט(עווע), ײ־,האַרט(עוועט). ווייך מאַכן עפּעס וואָס איז האַרט. אַ, די זוילן. אַ, ד אַלטע שטיקער

,

בּרויט.

אַנטהאָרן — טרוו ~האָר, ~האָרט. נעאָל.
אַוועקנעמען, אויסרייניקן (באַפֿרײַען) פֿון האָר. מאַכן עס זאָל זײַן אָן האָר. אַ, דאָס פּנים מיט עלעקטראָליז. אַ, די פֿיס מיט אַ נײַעם כעמישן מיטל. „ער איז אַנטהאָרט און אַנטמאַנט, דערפֿאַר איז זי באַהאָרט און באַמאַנט“, ווערטל (קאָוונע).

אַנטהאַרצן — טרוו. □י,„האַרץ, □,האַרצט.
1. צונעמען מוט. אַנטמוטיקן. אַ, די אָרעמע באַפֿעלקערונג. 2. ברוטאַליזירן. דערפֿירן, מאַכן עמעצן ער זאָל זײַן שלעכט. „די סיסטעם פֿון טעראָר אַנטהאַרצט אַלעמען, מענטשן ווערן וועלף“.

אַנטהוילן — טרוו. ~הדיל, ~הוילט.
אַנטבלויזן. אָפּדעקן. אַרויסווײַזן דעם אמתן מהות. אַ, דעם מין מענטש. „די נאָענטקייט פֿון טויט פֿלעגט אַ, יעדן איינציקן“, מ. ראָזענבליום איבז, יוליוס פֿוטשיק, מיט אַ שטריק אַפֿנ האַלדז, מאָסקווע 1948. □י'הוילט — אַדי. „אַ'ע ליים אָפּשיטן“, י פֿאַליקמאַן, סאָוו, היימ־ .
לאַנד, 8 7□l9, No.

אַנטהייליקן — טרוו. ~הייליק, ~הייליקט.

1. מחלל זײַן; פֿאַרשוועכן. פֿאַראומהייליקן.
מלל פֿאַרטײַטשט 'כּי חלל יהודה, (מלאכי, ב,
11): "ענטהייליגט". 2. מאַכן (פֿאַר) אויס
הייליק; אַ, (עפּעס, עמעצן) וואָס מע האָט
פֿריִער פֿאַרהייליקט. „דאָ איז ניט קיין גדול
אַראָפּ פֿון זײַן גדולה, ניט קיין צדיק
אַנטהייליקט געוואָרן..."', חיים ליבערמאַן, פֿאָר,
8 XI 1961. ־ונג — "דער גײַסט פֿון
פֿאַרשוועכונג, לעסטערונג, אַ"', דאָרטן, 5 II 1962.

אַנטהילן — טרוו. ▯היל, ~הילט. 1.
אויפֿדעקן. אָפּדעקן. "פֿונקט צום פֿינפֿטן יאָרטאָג
פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, האָט מען
אַנטהילט דעם וואַרשעווער געטאָ־דענקמאָל"',
מאַן, נאָענטע געשטאַלטן. 2. אַנטבלויזן.
אַנטפּלעקן. "די געשטאַלט ווערט אַ רעגן פֿון פֿרייד,
נעמט מיר צוואָגן די ערדענע גלידער און
אַנטהילט ▯ון איר ווינטיקן קלייד"', סוצ,
פּאָעטישע ווערק I, 83. מיט ז י ך — "אין דעם
בילד וואָס האָט זיך אַלץ מער אַנטהילט פֿאַר
מײַנע אויגן"', סמבּ. ־ונג.

1542

אַנטהעלפֿן — טרוו. ~העלף, ~האָלפֿן. ניט

העלפֿן. אַוועקנעמען הילף. „אַנשטאָט ווײַטער צו העלפֿן, האָט איר גאָר אַנטהאָלפֿן“, רייד (קאָוונע).

אַנטהעסטן — טרוו. ~העפֿט, ~האָפֿטן. אָפּהעפֿטן. אָפּבינדן. מאַכן עס זאָל ניט זײַן צוזאַמענגעהעפֿט. מיט זיך — „[הוסרי] זײַא גקעסטיגט, דוא ירושלים, פֿיל לײַכט עשׂ ווערט זיך אַ, אונ, פֿר רוקן מײַן ווילן פֿון דיר“, סהמ, ירמיה, ו, 8.

אַנטהערנערט — אַדי, פּאַר אַנטהערנערן'.

,

נעאָל. וואָס מע האָט פֿון דעם אַוועקגענומען די הערנער. „אינעם פֿאַרהיימישטן הירשן־מאַרק האָבן אַרומגעבלאָנקעט די אַ'ע פֿאַנטן־טרעגער... עס איז געווען ווי מע וואָלט זיי אַנטקרוינט„, י פֿרידמאַן איבז, וול. לידין, שטילער

אָדער גרויטער, מינסק 1936.

אָנטו — דער, ־ען? דאָס אָנטאָן ←. „דער ייִד ווערט די קראַפֿט ניט אָן, אַפֿילו ווען ער טוט זי אויס פֿון איר רעליגיעזן אָ'“, בּ.

ריווקין, גרונט־טענדענצן...

אָנטואונג — די, ־ען. 1. דזוו אָנטו. אין אַ נײַער אָ'. 2. פּראָצעס פֿון ווערב אָנטאָן ←.

אַנטוואַגן זיך — אוטוו. ~וואַג זיך, זיך ~וואַגט. נר. דערוועגן זיך. „איר אַנטוואַגט זיך אויף אַזוי אַ וואַזנער זאַך“, ג, ל, כ, ז, איבּד, קאַמבּער מיט דער פּרינצעסין אַרעסיניע, ווילנע 1870. פֿרגל: ~וועגן זיך.

אַנטוואוינט — ← אַנטוויינט. [דער פֿלאָנטער נאָר אין לד.] „איך האָבּ בּאַרוט און אײַנגעשטילט מײַן זעל, אַזוי ווי אַן אַ'ער בײַ זײַן מוטער, אַזוי ווי אַן אַ'ער איז בײַ ▯.ר מײַן זעל“, תּי, תהלים, קלא, 2.

אַנטוואוינען — ← אַנטוויינען. „בּאַלד מע האָט מיך אַנטוואוינט פֿון בּרוסט, האָבּ איך צו משקה בּאַקומען גרויס לוסט“, גאָר, ייִדישע לידער, וואַרשע 1889. „און אַז זי האָט אים אַנטוואוינט, האָט זי אים אַרויפֿגעבּראַכט מיט זיך„, תּי, שמואל א, א, 24. „בּייטיקע ידיעות ווי אַזוי מ'דאַרף דאָס זויגקינד... אַ, און צוקאָרמענען“ פֿגעז, 2 1923, No־3. [די אַלע ציטאַטן פֿון לד, וואו וי (הויזן) ווערט אַרויסגערעדט ייִ (״הייזן״).]

אַנטוואונדערן זיך — אוטוו. ￼י־,וואונדער זיך, זיך ￼־,וואונדערט. נעאָל. אויפֿהערן זיך דוואונדערן. זיך ניט וואונדערן מער. „ער האָט זיך געוואונדערט, ער איז געווען ממש פֿאַרוואונדערט פֿון אירע מעלות, אָבער ער האָט זיך גיך אַנטוואונדערט“.

אַנטוואוסט ווערן — פּאַס. ווער ~וואוסט, בין ~וואוסט געוואָרן. ווערן אומבאַוואוסט. ווערן פֿאַרגעסן פֿריִער איז ער געווען אַ באַ. „ וואוסטער מענטש, לעצטנס איז ער אינגאַנצן אַ, געוואָרן“.

אַנטוואורף — דער, ־ן. דטשמ נר. ← אָנוואורף, אָנוואַרף.

אָנטוואַכט — אַדי, פּאַר אַנטוואַכן ←. אַרכ. וואָס איז וואַך געוואָרן. וואָס איז אוי￼[געקומען,

￼

אַנטוואָפּענען

האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. „איך לאג נידר דאז איך שלאָפֿט, איך וואַר אַ'„, ברכת המזון, אַמשט 1723, מד/ב. אַ, וו ע ר ן —

„(ויקץ) דער גאָך איז גוט אַנטוואכט געוואָרן“,
סהמ, תּהלים, עח, 5 . אַ, ז ן — „אויף דאָש
דוזיג... בּין איך ווידר אַנטוואכט„ [תּי: „דערויף
האָבּ איך זיך אויפֿגעכאַפּט“], שעריר, לא, 25.
אַנטוואַכן — אוטוו. ~וואַך, ~וואַכט. אַרכ.
aeben Mhd: e]. זיך אויפֿכאַפּן, אוי-
קומען פֿון שלאָף. זיך אויפֿוועקן. „דרוזייאנה
נון צו אַ, בּיגונד, אונ, אירן קינדן גאָבּ זיא
אירי טויטן„, בּבֿא־בּוך, 472. „דאַ אַנטוואַכט
קיניג שלמה“, מלכים־בּוך, קראָקע 1583. „ער
שלופֿט אונ, ער זאָל אַנטוואַכן“, טח, שמות
(הפֿטורה 'כי תשׂא, מלכים א, יח, 27). „דיא
גאַנץ נאַכט ער בּײַא איר לאג / בּיז אַן דען
ליכטן טאָג / דא וואַר דער מאַן אַ, / פֿור גאנגן
וואַר אים דאז לאַכן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686.
„דא דיא מנן וואַרן אַנטוואַכין פֿון איר שלויף“,
'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש“ץ',
פֿיודדא 1694 [פֿש III]. „צו מארגנשׂ אַזו בּלד
אַז איינער אַנטוואַכט...„, לט1, ו/א. „כ'וויס
ניט, בּיז ווי לאַנג מיך האָט אַ דרימל
צוגעשמידט צו ד'רערד. ווען כ'האָבּ אַנטוואַכט...“,
סוצ, וואַלדיקס, 1940.
אַנטוואַלדן — טרוו. ..־,וואַלד, ~וואַלדט.

אויסהאַקן די ביימער פֿון אַ וואַלדיקן שטח.
אַ, די פֿאָרשטאָט און בויען אויף דעם פּלאַץ הײַזער.
אַנטוואָלן ווערן — פּאָד. אויפֿהערן צו וועלן (קאָכן, וועגן מילך). *ס'איז אים אַ, געוואָרן דער מאַמעס מילך = לעבט דורך אַזוינס וואָס ציט אַרויס פֿון אים דאָס חיות, אַלע כּ׳ חות.
אַנטוואָלקענען — טרוו. ~וואָלקן, ~ וואָלקנט. נעאָל. באַפֿרײַען פֿון וואָלקנס פֿון פֿאַר,
וואָלקנטקייט, פֿון אומעט. אַ, די פֿאַרחושכטע פּנימער מיט אַ גוטער בשׂורה. „אַ ליד טויכט אויף פֿונעם חושך, אַנטוואָלקנט דאָס פּנים פֿאַר מיר", י. מאַניק, 'נישט־געזונגענע לידער'.
אַנטוואַנצן — טרוו. ~וואַנץ, ׳י.,וואַנצט. נעאָל אויסרייניקן פֿון וואַנצן. „איך בין געווען צוגעטיילט צו אַרבעט אין דער דעזינפֿעקציעאָפּטיילונג פֿון לאַגער און האָב אַנטוואַנצט באַראַקן, דעזינפֿיצירט מלבושים", בלעטער פֿון פּײַן און אומקום, ז, 62 [יִישפּ I ׳י 3 ,X].
אַנטוואַסערן — טרוו ־ער, ~וואַסערט.

אָפּ
-

צ עז, אָפּפּירן וואַסער פֿון אַ שטח (קערפּער,
זאַך אע). אַ אַ זומפּיקן באָדן -ונג —
. ,
„ביי אַ שטאַרקן שלשול... גיט מען אַ קינד
'
אַבסאָלוט גאָרניט עסן. בלויז וואַסער איז
דערלויבט, כדי אויסצומיידן די אַ, פֿון די געוועבן,„
פֿגעז, ווילנע 3 1938, No. אַ"ט ע ר אַ פ י ע ,
טאָז, 3 1930' No-4.

אַנטוואָסענען — טרוו. ,וואָפּן, ~וואָפּנט.
1. אַוועקנעמען, צונעמען, קאָנפֿיסקירן
פֿאַר,
כאַפּן וואָפּן. אַ, דעם באַנדיט. די העלדישע
פֿאַרטיזאַנען האָב אַנטוואָפֿנט דייטשע אָפּטיילן.
אַ אַ גאַנצע דיוויזיע.
,

אַנטוואָרט

2 פֿאַרקלענערן, סאַרמינערן אָדער אינגאַנצן -

.

 ליקווידירן די באַוואָפֿנטע כּוחות און מיטלען צו פֿירן קריג. אַ, דעם שׂונא, אַ, דאָס אָקופּירטע לאַנד.

3. מיט באַווײַזן, ראַיות, אַרגומענטן, מיט געראָטענע אָפּענטפֿערס, מיט אַ יורידיש דריידל — מאַכן עמעצן אומשעדלעך אָדער אָפּשוואַכן אים. דער פֿאַרטיידיקער אין געריכט אַנטוואָפֿנט דעם באַשולדיקער. אַ, דעם קעגנער מיט אַן אַרטיקל, אַ רעדע אע.

4. פֿיג. מיט פערזענלעכז חן און מעלות מאַכן (ווירקן אויף) עמעצן זיך ניט אַקעגנצושטעלן. מאַכן עמעצן אויס אומפֿרײַנדלעך. אַ, מיט אַ קאָמפּלימענט. ״איר פּנימל אַנטוואָפֿנט,,.

מיט ז י ך — 1. רעדוצירן די באַוואָפֿנטע כּוחות פֿון אַ לאַנד (לויט באַשלוסן פֿון דער מאַכט פֿון דעם דאָזיקן לאַנד). 2. זיך אַליין

אָפּזאָגן פֿון אַן אַרגומענט, אַ שטעלונג וואָס איז
געווען קעגנעריש צו עפּעס אָדער עמעצן.
־ונג. ־עניש. ־ער.
אַנטוואָרט — דער, ־ן. אַרכ. דטשמ. נר.
1. דזוו ענטפֿער. געבן אַן אַ. ״ער רופֿט זי
אָן בײַ איר נאָמען און בעט זי אַן אַ, צו געבן„;
„מע וועט דיך קומען פֿרעגן, צי דו ליבסט
מיך געטרײַ? אַן אַ, [מיטן אײַנשטעל אַז דאָס
ניט־געוויינלעכע וואָרט גיט צו חשיבֿות] וועסטו
געבן, דײַן האַרץ איז ניט דערבײַ״ פֿל. „ביז
,
דוא איין גאַנציא ענטוורט פֿון מיר ווערשׂט
הון„, שמואל־בוך, סטראָפֿע 1259. „איך האבי
מיר ניקשׂ מער גיוואונשין דאז איך גיקאנט
צרפֿת [= פֿראַנצייזיש] כדי איך אידרין קענט
ריד אונ אַ, געבין״, גה, 299. „גהיישׂן מאָרגין
,
ווידר קומין, זוא ווערין זיא איין אַנטפֿרט
הבין„, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, כ״י ,מגלת
איבה„, 1703. „בעט איך דיר... מיר אַ, צו
געבן„, ליאַנדאָר נײַער בש, ווילנע 1844. „זיי גיבן
אַלע איין אַ'; רואיק לעבט מען אין הימל
דאָרט„, מאַנ, נאָענטע געשטאַלטן. 2. באַשייד.
„הער נאָר דו שיין מיידעלע / וואָס איך וועל

דיך פֿרעגן, / דו זאָלסט מיר אויף אַלעמען /
אַן אַ, געבֿן״ פֿל.
—
׳
אַנטוואָרטן — טרוו. ~וואָרט, (גע)
אַנטוואָרט(עט). ← דפֿוו. ענטפֿערן. ״דא אַנטווערטן
אים דיא היידן...,,, שמואל־בוך, סטראָפֿע 1043.
״גאָנטי ימח,,ש אַנטוואָרט...,,, מעע)ה אומן.
,,דשׂ שווײַגן קיגן דעם (שוטה) איזט בעשׂר
אַלשׂ אים צו אַנטוואָרטין,,, מבֿחר הפּנינים,
הומבֿורג תּצ״ט, ט/ב. ,,אויף זײַן עצה... האָבֿן
זיי געאַנטוואָרטעט, אַז דאָס ווילן זיי
בֿשום אופֿן ניט,,, ייִפֿאָל, 1 1881 X.
אַנטוואַרעמען — טרוו ־רעם, ~וואַרעמט.
.
מאַרק ווב. מאַכן עס זאָל פֿון וואַרעם ווערן
קיל (קאַלט). אָפּקילן. אַ, דאָס צימער. אַ,
בֿאַציאונגען.

-
אַנטוואַרפֿן — טרוו. ~וואַרף, ~וואָרפֿן. אַרכ.
אויספֿורעמען. אויסגיסן. ,,(ויצר) אונ, ער
אָנטווארף (אודר פֿורמיט) דיא צווייא זײַלין פֿון

קופּיר...“, סה׳ו, מלכים א, ז, 15.

1543

אַנטוואָרצלט — אַדי, פּאַר אַנטוואָרצלען ←.
“קיין סבִיבָה וועלן זיי ניט האָבן, זיי וועלן זײַן
אַ'ע,,, ימ, אונדזער געדאַנק, ריגע 1933. ,,אַ סך
אַ'ע ייִדן, גײַסטיקע [פּליטים],,, הלל זײַדמאַן,
טמז, 14 IX 1966. אַ, וו ע ר ן — ,,(וצאצאי)
און, מײַן שפּרוצונג (ישורשו) זאָלן
אַנטוואָרצלט וואַרן, דהײַנו דיא וואָרצלן זאָל אויש
גריסן וערן“, סהמ, איובֿ, לא, 8. אַ, ז ײַ ן —
,,וצאצאי ישורשו. זיא זולין זײַן אַ“‘, חיבּורי
לקט, לובּלין שע,,ב, קעד/ב. ־קייט.
אַנטוואָרצלען — טרוו ־צל, ~וואָרצלט.

1. אָפּרייניקן, אויסרייניקן אַ שטח פֿון
וואָרצלען. אַ, אַ פֿעלד. אַ, אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.
2. אַוועקטרײַבן פֿאַרטרײַבן פֿון אַן

אײַנגע

-

זעסן אָרט. מלל פֿאַרטײַטשט ,ושרשך מאַרץ

חיים, (תּהלים, נב, 7): „ענטוואָרצלין„ [תּי
„איסוואָרצלען„]. „(ויסחך) אונ, ער ווערט דיך
אויש רײַסן, פֿון צו זיצן אין גיצעלט, (ושרשך)
אונ, ער ווערט דיך אַ'", סהמ, תּהלים, נב, 7.
3. אַוועקרײַסן פֿון וואָרצל פֿון שׂורש. אַ, די
,
נײַע דורות פֿון ייִדישקייט. אַ, עמעצן פֿון זײַן
גײַסטיקן באָדן. מיט ז י ך.
אַנטווייבן זיך — אוטוו ~ווײַב זיך, זיך
-
~ווײַבט. נעאָל. זיך באַפֿרײַען, זיך אָפּבינדן,
זיך אָפּטיילן, אַוועקגיין פֿון אַ ווײַב. זיך גטן
אָדער פֿאַרלאָזן אַ ווײַב. „ער איז טאַקע אַ
באַווײַבטער, אָבער ער האַט זיך אַנטווײַבט„, רייד
(ריגע).
אַנטווייכן — אוטוו. ~ווײַך, ~ווײַכט, ~וויכן.
--
אַרכ. Mhd: e. 1][וײַ ei(hen. אַנטלויפֿן. זיך
אָפּרוקן. זיך אָפּקערן אין אַ זײַט. מלל
פֿאַרטײַטשט ,ויפּטר מפּני שאול„ (שמואל א, יט,
10): „ענטווײַכט„ [תּי: „איז אַנטלאָפֿן"]. "דאשׂ
וואָלק אישׂט מיר אַנטוויכן בֿור דער היידן
שטרײַט„, שמואל־בוך, סטראָפֿע 205. „בֿון
זײַנם שלוף ער אַנט וויכט דר בֿון / אובר

בערג ווערט ער שפּרינגן אונ, באַרן,,, כּ“י איבּז
'מצחק בקוּבּיא', 15. י,,ה. 2. אויך טרוו.
(אויס)ווײַכן. אויסמײַדן (עמעצן אָדער עפּעס).
,,ער קאַן אויך דוך דשׂ דוזיג ניט אַנט ווײַכן,,,
בּבֿא־בּוך, 248. ,,דיא גראָהסמוט מוזט דוא אַ, /
האַלט איין יעדער פֿר דײַנעם גלײַכען,,, אַ

,

האָלענדיש־יִידיש כלה־ליד,, סוף 18. י,,ה [ש
3 .[II. פֿאַרלאָזן. ,,זײַן קראַפֿט ביגונד אים
צו אַנט ווײַכן“, בּבֿא־בּוך, 601.
אַנטוויינט — אַדי, פֿאַר אַנטווייגען ←.
אָפּגעוואוינט געוואָרן פֿון זייגן. מלל, באר משה,
באר התּורה פֿאַרטײַטשן ,ויגמל, (בּראשית, כא,
8): ,,און ער איז אַנטווינט געוואָרן,,. ,,איין
אַנטווינט קינד ווערט זײַן הנט הין שטרעקן,,,
סהמ, ישעיה, יא, 8. ,,אַז איין אַ, קינד אַזו איז
אויף מיר מײַן לײַבּ“, [סידור] תּפֿלה למשה...,
דעסוי 1696, שפּז/א. [איבּז תּהלים, קלא, 2.]
,,קלייני אונ, גרושׂי זוגידיגי קינדר אונ,
אַנטווינטי קינדר,,, יומיפֿון, אַמשט 1743, עה/א.
“טוא עשׂ אום ווילן די אַנטוויינטי קינדר פֿון
מילך די דא האבּן קיין מיסטייט גיטאן,,,
מחזור ר,,ה ויו“כ, הומבּורג 1721. ,,מע מוז
זיך שטאַרק היטן דאָס אַ'ע קינד נישט צו

אַנטוויקלונג

איבערשטאָפּן,,, איבז, פּראָפֿ, שלי ניץ, מרפּא
לעם, זשיטאָמיר 1874. אַ, וו ע ר ן. אַ, ז ײַ ן.
־ערהייט.

אַנטוויינען — טרוו. ~וויין, ־,וויינט: Mhd
.e. 1 ־י onen. : eɪJtנן bnen

אָפּגעוואוינען (בּהדרגהדיק, מיט פֿאַרשיידענע
מיטלען) פֿון דערנערן זיך מיט דער מוטערס מילך.
אָפּגעוואוינען פֿון זייגן. אַ אַ קינד פֿון דער
,

בּרוסט. אַ אַ קינד צו צען חדשים. אויך: אַ,
,
אַ קעלבּל אויף האָדעווען. ,,בּיז דשׂ איך האבּ
אַנטוויינט מײַן ליבּשׂ קינדליין, זוא זול ער
דען אין דעם טעמפּיל אַל מול דינר זײַן,,,
שמואל־בּוך, סטראָפֿע 29. ,,אַלשׂ [אַבֿרהם] איז
גיוועזן הונדרט אונ דרײַא יאַר אַלט, האָט ער
יצחק לאָזן אַנטווינן“, אַלכּסנדר סענדער
עטהויזן, בּית יראל ובּית הבּחירה, אַמשט 1724.
,,אַז דאָס קינד וואַר... אָנטוויינט פֿון צו זייגן,

דא מאַכט אַבֿרהם אַ סעודה", צור, וירא. „ווען
די מוטער ווערט ווידער מעוברת, דאַרף זי
געוויס אַ, דאָס קינד„, מלכּה בּערלאַנט, די
גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. 2. דזוו
אָפּגעוואוינען. אַ, פֿון רייכערן, טרינקען. אַ אַ קינד
,
פֿון שלעכטע ניטן. „דו זאָלסט נישט מיינען,
אַז דו וועסט מיך אַ, און וועסט נעמען אַן
אַנדער מיידל גאָר פֿראַנק און פֿריַי" פֿל. „די
,
עלטער אַנטווינט כּיסלעכוויַיז פֿונעם לעבֿן",
ייִל, דער כּל בּוניק, זשיטאָמיר 1876. „אַ, פֿון
אָלע סימפּאַטיעס מיט פֿראַנצנלאַנד", זש, קיסר
און דבֿי.
מיט ז י ך — אַ, זיך פֿון עפּעס. „לאַנג
געזויגן האָט עס ניט די בּרוסט, צו אַ, זיך
בּאַקומען לוסט„, ממוס, יודל. „זאָלסט ניט מיינען
אַז פֿון שנאָרען — אַזוי גרינג זיך צו אַ'„, י.
מאַניק 'די קליאַטשע און דער האָן'.
אַנטוויליקן — טרוו. ־ליק, ~וויליקט. נעאָל.
דערפֿירן צו אַ צושטאַנד מע זאָל פֿאַרלירן
דעם ווילן. „זי אונטערדריקט, אַנטמוטיקט,
אַנטוויליקט... דעם מענטשן", בּרידער גאָרדין,
אונדזערע חבֿורים, ווילנע 1912.

אַנטווינדן — טרוו. ~ווינד, ~וואונדן. אַרכ.

.M : e][יִ־ in(len באַפֿרײַען. צונעמען.

,,אַן [= איבער] געלט לאָז דיר קיין מצוה ניט אַ', דו ווערשׂט אַלשׂ טאָפּיל לבסוף פֿינדן, דען הקבֿ"ה לאשׂ קיין גוטשׂ אום ביצאלט", צוכט. מיט ז י ך — אַרויסדרייען זיך.

אַנטוויקל — דער, ־ען. אַקט, פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַנטוויקלען (זיך). דזוו אַנטוויקלונג. אויסברייט. אויסשפּרייט. אויספֿאָרמירונג. עוואָלוציע. פּראָגרעס. אַ'־ג אַ נ ג — ,,אַ'־ג, פֿון דער באַבעלע (מעטאַמאָרפֿאָז)", יאַכ I. אַ'־ י אָ ר ן. אַ'־ע ל ט ע ר. אַ'־פּ ר אָ צ ע ס — ,,ניט צו רעדוצירן דעם אַ'־פּ, ביז אַן איינפֿאַכער פֿאָרמל", מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט. אַ'־צ ײַ ט. אַ'־ת ק ו פֿ ה.

אַנטוויקלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַנטוויקלען (זיך). אָרגאַנישער אָדער אומאָרגאַנישער פּראָצעס פֿון שינויים וואו דאָס שפּעטערע וואַקסט (קומט) אַרויס פֿון דעם פֿריִערדיקן. אַ, פֿון קינד פֿון עמבריִאָן. אַ, פֿון

,

אַנטוויקלט

אַ באַבעלע. אַ, פֿון דער זון־סיסטעם פֿון דער

,

ערד. געאָלאָגישע אַ'. סעקסועלע אַ,. אַ, פֿון
אַ קראַנקייט.

2. פּראָצעס אין ציוויליזאַציע און קולטור.
עוואָלוציע (אויסשפּרייטונג, פֿונאַנדערוואַקסונג,

אויסברייטונג, [illegible]אַרגרעסערונג, פֿאַרמערונג,
פֿארצווײַגונג פֿאַרטיפֿונג). אַ, פֿון דער
אַנטי— , —
קער ציוויליזאַציע. אַ, פֿון דער שווער־
אינדוסטריע. אַ, פֿון דער טעכניק. אַ פֿון דער
אַוויאַציע. אַ, פֿון אַ שולסיסטעם. "דיזע אַ'...
הייבט אָן וואָס ווײַטער צו פֿליִען מיט אַלץ אַ
גרעסערן אימפּעט", מ. שיפּפּעל, די עקאַנאָמישע
איבערקעהרענישען, זשענעוו 1904. „בײַ די סאַמע
אומקלאָרע און אומבאַשטימטע סאָציאַלע אַ'ען
זענען אַלע גלות־תּפֿוצות געווענדט... מיט
ציטער און פּחד צו ישׂראל,,, י. לעשטשינסקי,
היימיש, אָדר תּשי"ח.

3. בהדרגהדיקער פּראָצעס פֿון שינויִים מיט
אַן אַלגעמיינער טענדענץ פֿון גיין פֿאָרויס,
ווערן קאָמפּליצירטער אָדער איינפֿאַכער.
גײַסטיקע אַ'. אַ, פֿון מוח פֿון פֿעאיקייטן. אַ, פֿון

,

וויסנשאַפֿט. א, פֿון אַ שפּראַך פֿון א ליטעראַטור.
— -
,
„די מאָדערנע שול האָט פֿאַר זיך איין ציל: די
האַרמאָנישע אַ, פֿון דער פֿרײַער מענטשלעכער
פֿערזענלעכקייט“, ימ, איינהייטלעכע פֿאָלקשול,
1922. “אַ פּראָדוקט פֿון גלות, וואָס... האָט
אָפּגעשטעלט און אַטראָפֿירט ד אַ, פֿון אונדזער
,
נאַציאָנאַלן לעבן„, ש ראַווידאָוויטש, ייִבל XXI, 2.
4. פּראָצעס פֿון שטײַגנדיקער
פֿאַראינטערעסירונג אין אַ קינסטלערישער שאַפֿונג. אַ,
פֿון
ראָמאַן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען. אַ, פֿון
דער פּיעסע אין צווייטן אַקט.
אַ'ס־ג אַ נ ג. אַ־'מ ה ל ך — „דער אַ'ס־מ,
איז פֿון דער פּאָליגאַמיע צו דער שטרענגער
מאָנאָגאַמיע“, בּרידער גאָרדין, אונדזערע
חבֿרים, ווילנע 1912. אַ־'ס י ס ט ע ם. אָ'(ס)־
פּ אַ ז ע — „אין דער גאַנצע וועלט לייוויקס,
ניט נאָר אין זײַן פּאָעטישן סטיל, קען מען זען
די דרײַ דערמאָנטע אַ'ס־פּאַזן“, שנ, ה. לייוויק.
אַ־'צ ײַ ט. אַ'(ס)־ק ייִ ט. אַ,(ס)־ר י נ ג. אַ,־
תּ ק ו פֿ ה.
אַנטוויקלט — אַדי, פּאַר אַנטוויקלען (זיך) ←.

1. וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַן אָרגאַנישן
אָדער אומאָרגאַנישן פּראָצעס, געוויינלעך מיט
שינויִים וואָס ווערן אויפֿגענומען וו אַ וואַקסן,
י
אַן אויסשפּרייטן זיך אע. אַ'ע בערג־
פֿאָרמירונגען. אַ'ע בּרואים. אַן אַ'ער חוש. אַ'ע מוסקלען.

2. וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון געשאַפֿענע
שינויִים אין דעם מענטשנס סבֿיבֿה און
לעבּנסבּאַדינגונגען, געוויינלעך אַזעלכע וואָס ווערן
געשאַצט פּאָזיטיוו. אַ'ע אינדוסטריע, טעכניק,
איריגאַציע אאַזוו. אַן אַ, לאַנד. אַן אַ'ע
סיסטעם פֿון.... אַן אַ'ע מלוכהשע, שטאָטישע,
קהילהשע אע אָרגאַניזאַציע. „האָבּן די אַ'ע
געמיינדן... זייערע אַטריבּוציעס (רעכטן)
פֿאַרשפּרייט פּאַרטיפֿט“, פּרץ, געדאַנקען און
— , —
אידייען. אַ'ער ג ע ה ע ר.

3. ספּעצ וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון גײַסטיקן
וואַקסן און שטײַגן. (ניט־)אַ, פֿאָלק. אַ'ער מוח.

1544

הויך־אַ'ע קולטור. „בּינה בּאַציט זיך אויף דעם
דיסקורסיוו אַ'ן און פֿונאַנדערגעגלידערטן שׂכל„,

-

הרבֿ י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'דרשה',
אַטלאַנטיקסיטי תּשכ"ב. ־ערהייט. ־קייט.
אַנטוויקלען — טרוו. ￼י'וויקל, ~וויקלט.
ent: ￼. 1י￼i￼ke]n. אויסשפּרייטן,
אויסצווײַגן, פֿאַרבעסערן (שאַפֿונג־פּראָצעס,
פּראָדוציר־מעגלעבקייט אע) דורך אָנווענדן (
אויסניצן, אויסגעפֿינען) נײַע מעטאָדן, קענטענישן,
דערפֿאַרונגען. אַ, די עקאָנאָמיע. אַ, די
אינדוסטריע. אַ, דעם באָדן. אַ, דעם טראַנספּאָרט.
אַ, די טוריסטיק. אַ, די סאָצ אַל־מעדיצינישע
י
באַהאַנדלונג. אַ, די פּראָדוקציע פֿון ביליקע
הײַזער. אַ, אַ שולסיסטעם.
2. מאַכן עס זאָל דערגיין צו אַ העכערער
מדרגה דורך פֿאָרשן, עקספּערימענטירן. אַ, די
וויסנשאַפֿט. אַ, דעם אינטעלעקט. אַ, דעם
טעאַטער. אַ, מוזיק. אַ אַ נײַעם היילמיטל. אַ אַ
וואַקסין. "די טעאָריע פֿון חלומות וואָס פֿרויד
האָט אַנטוויקלט...,,, מוו, פֿגעז, ווילנע 1936,
No 11.
3. קולטיווירן, (זיך מיִען צו) דערהייבן צו
בעסערס, צו דעם וואָס איז מער נוציק אָדער

שענער. אַ, בלומען. אַ, אַ פּרוכט וואָס איז
אין דער נאַטור ניט געווען.

4. בהדרגה, דורך געניטונגען,
עקספּערימענטן, אויסבעסערן פֿאַרשטאַרקן אייגענעם
,
אָדער אַ צווייטנס פּיזישן צושטאַנד. אַ, דעם
קערפּער. אַ, די מוסקלען. אַ, געזונטע
זעלנערס, ספּאָרטלערס. אַ, אימוניטעט צו אַ
קראַנקייט.

5. (בכּיוון, מיט באַמיאונג) פֿאַרשטאַרקן אַן
אייגנשאַפֿט, מידה, שטריך אין זיך אָדער אין
אַ צווייטן, אין אַ גדופּע. אַ, גוטע מידות. אַ,
שטאָלץ, גבֿורה, פּאַטריאָטיזם, קרבנות־
גרייטקייט. אַ אַ חוש פֿאַר מוזיק. אַ, חשק צום
,
לערנען. אַ, אָ שטאַרקן ווילן, כאַראַקטער.
„ייִדישע קינדער אין געטאָ האָבן אַנטוויקלט
פֿאַרהיט־בּוחות קעגן די סכּנות, וואָס האָבן
כּסדר געלויערט„. „ביאַליק האָט געמוזט שטאַרק
אַ, זײַן כּוח־הדמיון און פּאָעטישע
אײַנבילדונגס־קראַפֿט„, בעמ □I. „ער איז געווען איינער
פֿון די וואָס האָבן געהאָלפֿן אַ, דעם ייִדישן
ליטעראַטור־ און שפּראַך־באַוואוסטזײַן„, שנ,
קריטיק און קריטיקער.

6. (זיך מיִען) גײַסטיק (צו) דערהייבן. אַ,
אַ טאַלאַנט. אַ, דאָס פּשוטע פֿאָלק. אַ, די
גײַסטיק־אָפּגעשטאַנענע קינדער.
7. (פֿאָטאָגראַפֿיע) פֿון דעם נעגאַטיוו
אַרויסבאַקומען דאָס פֿאָטאָגראַפֿירטע בילד(ל). אַ אַ

,

פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמע. אַ, די גאַנצע ראָלקע.
דאָס אַ, וועט לאַנג ניט געדויערן.
אַנטוויקלען זיך — ← דפֿוו. 1 פֿון זיך,

.

מיט די כוחות פֿון דער נאַטור, זיך בײַטן,
קומען צו אַ נײַער סטאַדיע. "ווי האָט זיך
אַנטוויקלט אונדזער זון־סיסטעם?„. "די תקופֿה
ווען עס האָבן זיך אַנטוויקלט די בערג".
2. זיך אויסוויקלען. אַרויסוואַקסן,
אַרויסקומען, זיך אויסשיילן פֿון עפּעס און בהדרגה

אַנטוועלדערן

איבערפֿורעמען זיך. טראַנספֿאָרמירן זיך. אַ,
זיך א י ן. אַ, זיך פֿ ו ן. זיך אַ, פֿון אַ
וואָרעם אין אַ פֿלאַטערל. דער עמבריִאָן
אַנטוויקלט זיך אין.... "די פֿלאַנצן, די חיות, די
מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַלע אַנטוויקלט און

אַ, זיך נאָך יעצט נאָך די אומפֿאַרענדערבאַרע געזעצע פֿון דער נאַטור,,, דער וואַהרער ציעל פֿון אַנאַרכיזמוס, לאָנדאָן 1901. ,,ביַי דער איבערגעצלמטער באַשטויבונג אַ, זיך אין בלוט אַ סך געזונטע זוימען,,, ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמיַיל, געוויקסן, מאָסקווע 1920. ,,אַלץ

אין דער וועלט האַלט זיך אין איין אומאויפֿהאַלטזאַמען, טעגלעכן אַ, זיך“, ווינטש II י, נ,,י 1927.

3. אָנהייבן זיך און ביסל כוויַיז זיך פֿונאַנדערוואַקסן, פּראָגרעסירן. ,,סתּירות אַ, זיך אין יעדער געזעלשאַפֿט“. די קראַנקייט האָט זיך אַנטוויקלט. “ביַי אים האָט זיך אַנטוויקלט די ,מיאוסע קרענק, [= ראַק]“.

4. בהדרגה באַרייַכערן זיך מיט וויסן; (צו)־קריגן דערפֿאַרונג, לעבנס־חכמה אע. צייַטיקן זיך פֿאַרפֿולקומען זיך. אַ, זיך אין דער פּראָ.

פֿעסיע. אַ, זיך אין לערנען. אַ, זיך ווי אַ פּאָליטיקער, ווי אַ וויסנשאַפֿטלער. ,,צווייטנס, וועט ער זיך אַ ביסל אויסרייַבן, אַ',,, שע, יוגענד ראָמאַנען. ,,ער לערנט זייער גוט ביַי

אונדזער... מלמד לייענען און שרייַבן און
אַנטוויקלט זיך זייער גוט,,, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. ,,ער האַלט זיך נאָך אין אַ',, —
שפּאַסיקער צוגאָב ווען מע הערט וועגן עמעצן:
,ער איז אַ פֿערד, בהמה, אע.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אַנטווירדיקן — ← אַנטווערדיקן. אַרכ. ,,איך
גאָט הוב אַנטווירדיגט [פֿון אויסלייג ניט קלאָר
צי דער אַרויסרייד איז געווען י אָדער ע] פֿון
זיא, כלומר, איך הוב זיא די זעלביג ווירדקייט
אב גיצוגן,,, סהמ, זכריה, פּראָג תּנ,,ב, יא, 13.
אַנטווישן — אוטוו. ~וויש, ...,,ווישט. אַרכ.
Mhd: en isc e. אַנטלויפֿן. זיך
באַהאַלטן. זיך אַרויסגליטשן. ניט ווערן. מלל
פֿאַרטײַטשט 'לחלק משם בתוך העם, (ירמיה,
לז, 12): ,,ענטווישן".
אַנטוועגן זיך — אוטוו. ~וועג זיך, זיך
...,,וועגט. דזוו דערוועגן זיך. פֿרגל: ~וואַגן
זיך.
אַנטוועדער — דזוו ענטוועדער. אַרכ. אָדער
(. אָדער, קאָנ, 46). איינס פֿון די צוויי.
,,... אַנטוועדר זײַן הויז פֿר ברענט אודר מן

צו רײַסטשׁ“, בּראנט. „איצונדרט אין דיזן
דורות גאַר וויניג לײַט גיבּט די דא לערנן קענן
אנטוועדר מן האָט זיא ניקשׂ לערנן לאָזן...
אודר... זיא האבּן ניט לערנן וואָלן“, עפּש,
דרך הישר לעולם הבּא, פֿפּדמ תּמ"ה?, מא/א.
אַנטוועלדערן — טרוו. ~וועלדער, ~
וועלדערט. אויסהאַקן וועלדער. מאַכן אַז אַ געגנט
זאָל ניט האָבּן מער קײן וועלדער. אַ, גרויסע
שטחים לאַנד פֿרגל אַנטוואַלדן.

.

אַנטווע□דן

אַנטווענדן — טרוו. ~ווענד, □י.,ווענדט. אַרכ.
דטשמ. נר. אָפּווענדן. אַוועקנעמען. צונעמען.
מלל פֿאַרטײַטשט ,ואל תּצל מפּי דבֿר אמת עד
מאַד, (תּהלים, קיט, 43): “ענטווענדן„ [תּי: „
אָפּרײַסן“]. „אום צו זײַן אַ דיבּ מוז מען אויך
אויסשלאַק האָבּן (מזומן)... אום צו לעבּן בּיז
עס געליגט (גליקט) וואָס צו אָ, (גנבֿענען)„,
אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878.
אַנטוועקיק — אַדי. נעאָל. וואָס וועקט אויף,
סטימולירט. אַ'ע סוגעסטיע. אַ'ע רייד. אַ'ע
פּילן.

אַנטוועקן — טרוו. ~וועק, י.,וועקט.
אָנהייבן וועקן. אויפֿוועקן. שטויסן צו עפּעס.
אינספּירירן. אָנרעגן. אַ, אין עמעצן אומקלאָרע
באַגערן. ,,אַזוי... קענען אויפֿגעוויזן ווערן
אינעם פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום־אינהאַלט די
גאַנגען געדאַנקען וואָס דער דאָקטער האָט
אַנטוועקט,,, מוו איבז פֿרויד, אַר .נפֿיר אין

פּסי
-

,
כאָאַנאַליז. מיט ז י ך — ,,דער טאָג פֿון ראָש
השנה איז בירייט דז זיך איין מענש זאַל אַ,
מיט תּשובֿה פֿון יאַר", מחזור ר"ה ויו,,כּ,
הומבורג 1721, כו/א. ־ונג — ,,געשעפּט אַ,
צו וויכטיקע מעשׂים", מוו איבז, פֿרויד,...
פּסיכאָאַנאַליז.
־עניש — ,,עז וואַר אויף זיא גיפֿאַלן איין
גרושׂ אַנגשׂט... און, גישאַך איין גרושׂ
,
אַנטוועקנשׂ פֿון תּשובֿה אין דער זעלביג מדינה
פֿון וועגן דשׂ מעשׂה", עפּש, דרך הישר לעולם
הבא פֿפֿדמ תמ,,ה? ־ער — ,,די אַ, פֿון
,

חלום,,, מוו איבֿז, פֿרויד,... פּסיכאָאַנאַליז.
אַנטוועקט — אַדי. די אַ'ע געפֿילן.
—קייט.
אַנטוועער — אַדוו. אַרכ □ □ י־□]Mhd: e. אַהין
.
און אַהער. אין דער קווער. ‟ווען מן גיבּט
מילכיגשׂ אונ, וליישיג אויף דען טיש דא זול
מן מכין איין סימן דר צוואוישן אַנטוור
איטליכם איין בּיזונדר טישטוך,,, בּראַנט, פּרק יז.
אַנטווערדיקן — טרוו ־דיק, ~ווערדיקט.
.
אַוועקנעמען, צונעמען די ווערדע פֿון עפּעס
(עמעצן) פֿאַראומווערדיקן. מאַכן עס זאָל ניט
.
האָבּן קיין ווערדע. אַ, אַ מענטשן וואָס מע
האָט געהאַט אַראָפּפֿאַל פֿאַר אים. אַ, אַן
אידיי(ע) אע. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אַנטווערטיקן — טרוו. ־טיק, ~ווערטיקט.
אַוועקנעמען, צונעמען ווערט, חשיבֿות פֿון
עפֿעס. פֿאַרבּיליקן. ,,מע טאָר ניט אַ, ווערטער
און אַוודאי טאָר מען זיך ניט וואַרפֿן מיט דער
בּאַצייכענונג... גאָון‟, ים, דרום אַפֿריקע,

יוליאויג, 1967. ־ונג.

אַנטוווערטן — טרוו. ~ווערט, ~ווערט.

1. מאַכן עס זאָל פֿאַרלירן ווערט. דעוואַלואירן. רעדוצירן ווערט. מאַכן אַז אַ וואַלוטע זאָל שטאַרק פֿאַלן פֿאַרלירן אַ גרויסן טייל פֿון

־

,

קויפֿקראַפֿט. „מע האָט נישט געקאָנט האַלטן קיין מאַרק אין טאַש, מיט דער מינוט איז ער ~ווערט געוואָרן„, ייִז, בּרידער אַשכּנזי.

2. דזוו אַנטוווערטיקן. ״קאַניבּאַליזם איז דערפֿאַר מעגלעך נאָר אַדאַנק דער פֿעאיקייט

1545

דאָס צויבּערהאַפֿטע צו אַנטצויבּערן און דאָס אין־זיך־ווערטפֿולע צו אַ'[illegible], גרינ, מענטשן און ווערטן, נ„י 1953. „כ'גלייבּ נישט, אַז ס'ז[illegible].

[illegible]

נען פֿאַראַן צײַטן ווען ווערטן ווערן אַנטוווערט„, יחיאל האַפֿער, צוק, מײַ־יוני 1966.

־ונג — די אַ, פֿון מאַרק פֿראַנק אע. „די

,

יידישע לײַ־ און שפּאָר־קאַסעס דאַר ן
אָוועקשטעלן דעם פּײַ אויף אַזאַ הייך וועלכע ס'
פֿאָדערן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און די אַ,
פֿון דער וואַלוטע,,, ב. האַלפּערן, אַ האַנט
בוך פֿון אַ פֿאָלקסבאַנק, ווילנע 1922.

. .

אַנטווערפּן — גנ. שטאָט אין בעלגיע אויפֿן
טײַך שעלדע, 88 ק,,מ פֿון ים. איינער פֿון די
וויכטיקסטע ים־האַוונס אין אייראָפּע, מיט
גרויסע דאָקן און מיט שיפֿנבוי. גרויסער
עקספּאָרטאימפּאָרט־האַנדל. אַ, צייבנט זיך אויס מיט
דימענטן־שלײַפֿערײַ און דימענטן־האַנדל און
האָט במשך לאַנגע יאָרן געהאַט אויף דעם
געביט דעם וועלט־מאָנאָפּאָל.

ידיעות וועגן ייִדן אין אַ, זינט דעם 15. י,,ה
ווען די שטאָט איז געוואָרן אַ מקום־מקלט פֿאַר
אַנוסים, דערעיקר פֿון פּאָרטוגאַל. זינט דער
צווייטער העלפֿט 18. י,,ה צושטראָם פֿון
אַשכּנזישע ייִדן פֿון דײַטשלאַנד; נאָך 1881
עמיגרירן קיין אַ, אויך ייִדן פֿון רוסלאַנד און
פּוילן. אין 1900 — 8,000 ייִדן; אין 1925 —
30,000; האַרט פֿאַר דער צווייטער
וועלטמלחמה — 60,000. אַ דריטל האָבן נאָך באַוויזן

צו עמיגרירן קיין דרום־אַמעריקע און
ארץ־ישׂראל, איידער עס זײַנען אין 1942 געקומען
די דעפּאָרטאַציעס אין די אומברענג־לאַגערן.

אין פּעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות
האָט דער ייִד, ישובֿ אין אַ, דערגרייכט אַ
הויכפּונקט עקאָנאָמיש און גײַסטיק. כּמעט די
גאַנצע דימענטן־אינדוסטריע איז געווען אין
ייִדישע הענט. ייִדן זײַנען אויך געווען שטאַרק
באַטייליקט אין דער גאָלדשמידערײַ, שנײַדערײַ
און אין גרויס־ און קליינהאַנדל. עס האָט
עקסיסטירט אַ גוט־אָרגאַניזירטע קהילה, מוסדות

▯

פֿאַר חינוך, צוויי וואָכנצײַטונגען און איין
חודש־זשורנאַל אין ייִדיש און ייִדישע
אויסגאַבעס אויך אין פֿראַנצייזיש און פֿלעמיש. אין
1968 זײַנען געווען אין אַ, 13,000 ייִדן צווישן
662,000 אײַנוואוינערס.

אָנטויטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~
געטויטשעט. 1. אָנשלאָגן. אָנבוכצען.
אָנקאָפּען, אָנבריקען. אָ, די ביינער. ,,ווען ער איז
געפֿאַלן, האָט מען אים אַ ליגנדיקן נאָך פֿעסט
אָנגעטויטשעט מיט די פֿיס“, נ לוריע, סאָוו,
היימלאַנד, 2 .9 1966, No. אָנטראַמפּלען,

אָנטרעטן. אָ, די דילן.
אָנטויטשען זיך — אוטוו. ← דפֿוו. 1. אַ
סך אָנוואָגלען זיך; אָנוואַנדערן זיך; אָנגיין זיך.
אָ, זיך און בלײַבן אָן כּוחות. אָ, זיך איבער
(אריף) דער וועלט. 2. אָנהאַווען זיך; אָנלויפֿן
זיך. אָנמאַטערן זיך. אָנלײַדן זיך צרות. “אַ
ווערטעלע, אַ שידוך געטאָן, חתונה געמאַכט,
אָנגעטויטשעט זיך — און וואָס, איך בעט
אײַך?,,, שע, ,דער גט,. 3. אָנשטיפֿן זיך. ל2.
־עניש.

אַנטוישן

אָנטויקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אָן, זיך
~געטויקעט. ◻.Baד:◻ >. כמעט דזוו
אָנטופּען ◻יך, בּ2 מיטן בײַבאַטײַט: מיט שווערע
טריט. ,,האָט ער זיך דאָ אַ ביסל אָנגעטויקעט,
ביז ער האָט בײַנאַכט אָנגעטראָפֿן אויף דעם
אויסגעגעסענעם בוים,,, איבז, יאַקוב קאָלאַס,
זומפּ, מינסק 1932.
אַנטוישבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס קען
אַנטוישן. ◻קייט.
אַנטוישונג — די, ־ען. דטשמ, אָפּט געניצט.

פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון זײַן אַנטוישט
(פֿון אַנטוישן זיך). דיסאילוזיע. צעשטערטע,
צערונענע האָפֿענונג. דער לאַנג־רעקלאַמירטער
ראָמאַן איז אַן אַ'. די אונטערנעמונג,
אויפֿפֿירונג, פּראָגראַם, פֿאָרשטעלונג איז אַן אַ'. דער
שרײַבער, דער אַקטיאָר איז אַן אַ'. זײַן רעדע,
לעקציע איז אַן אַ'. „מיאוסע אָפּנאַרעכצן און
בּיטערע אַ'ען", שע, פֿונעם יאַריד II. „מיר
ווייסן איך וואָס פֿאַר אַ בּלוטיקע אַ, דער [20.]
יאָרהונדערט איז געוועזן", יג, טמז, 1964 I □ י 12.
„זאָל קומען, חלילה, אַן אַ, בּײַ די דאָזיקע
נײַע עולים, קען עס ווערן אַ בּביה לדורות",
דוד פֿלינקער, טמז, 20 1967 II.
אַנטויש — דער. נעאָל. „און גרויס איז
געוועזן מײַן אַ'", י. מאַניק.
אַנטוישט — אַדי, פּאַר אַנטוישן (זיך) ←.
1. וואָס האָט צעשטערט אַ האָפֿענונג; וואָס מע
האָט זיך געריכט אויף דעם און איז ניט מקוים
געוואָרן. אַרויסגיין אַ, פֿון אַ פֿאָרשטעלונג.
„אַ סך בּאַזוכער... זײַנען אַוועקגעפֿאָרן...
זייער אַ', זיי האָבּן געהאָפֿט אויף אַ סך מער",
זשיט II □ י, נ"י 1917. „קומען געסט אין הויז
אַרײַן, וואָלט זיך יעדערער בּאַרוישט, ציט עס
זיי צום פֿלאַש מיט ווײַן — נאָר ווי בּלײַבּן

זיי אַ'!,,, אַר, 'אָפּגענאַרט,. 2. דערדריקט,
צעבראָכן, צעווייטיקט, פֿאַרזאָרגט, פֿאַרלוירן.
אָפּגענאַרט פֿאַרלאָזן פֿילן זיך אַ'. אַ'ע
געטאָ. .
איינוואוינערס. אַ'ע רעכעלן. אַוועקגיין אַ
געבראָכענער, אַן אַ'ער. אַ, ז יי ן , וו ע ר ן —
אַ, אין עמעצן פֿון עפּעס. ,,און אַלע זענען
,
גלײַך אַ, געווען, און אַלע גלײַך האָבן געטראָגן
אַ ווילדן צאָרן אין זייער האַרצן,,, דא,
שוואַרקרויט, וואַרשע 1910 ־ערהייט ־קייט —
. .
געמאַכטע, כלומרשטע אַ'. טיפֿע אַ'.
אַנטוישן — טרוו. אַנטויש, אַנטוישט. ←
אַנטוישט. תbe)us t־ ו][e: > . פֿאַרפֿירן
עמעצן. (גע)נאַרן. אָפּנאַרן. אונטערפֿירן. מאַכן
מע זאָל פֿאַרלירן צוטרוי, דרך־ארץ, גלויבן
אין (צו) עפּעס (עמעצן). צעשטערן עמעצנס
האָפֿענונג. אַ, די ווײלער, דעם עולם. אַ, די
משפּחה. אַ, די נאָענטע פֿרײַנד. אַ, דאָס
פּובליקום. אַ'דיקע וואַל־קאַמפּאַניע, פּאָליטיק. אַ'דיקע
עקספּערימענטן. אַ'דיקע פֿאָרשטעלונג.
מיט ז י ך — האָבן ס'גענאַר, בלײַבן
אָפּגענאַרט פֿאַרפֿירט. האָבן געפֿיל פֿון פֿאַרדראָס,

— , —

פֿון אַרלוירנקייט, צעטומלטקייט, ניט־

זיכערקייט. אַ, זיך אין אַלץ און אין אַלעמען. אַ, זיך אין אַן אידיי(ע). אַ, זיך אין אַ לערער, אַ שרײַבער.

אָנטוליען

אָנטוליען — טרוו ־ליע אָן, ~געטוליעט.

1. וואַרעם אָנטאָן. אָ, דאָס קינד. 2. אַ לענגערע צײַט צוטוליען. אָ, דאָס טעכטערל. מיט ז י ך — קזוו. אָ, זיך און אָנקושן זיך. ־עניש.

אָנטומלען — טרוו ־מל אָן, ~געטומלט.

אַ לענגערע צײַט טומלען, רעדן האַסטיק און שרײַאיק. אָנשרײַען. אָנהוזשען. אָנגוואַלדעווען. אָ, און זיך אָפּטראָגן. אָ אַז דער קאָפּ זאָל

,

צעפּלאַצט, צעזעצט ווערן. אָ אַ ק אָ פּ = אָ, ביז צעטומלען עמעצן. „זינט זי איז אַרײַן, האָט זי קיין באַרוטע מינוט נישט פֿון אירע

קינדער; זיי טומלען איר אָן אַ קאָפּ מיט
זייערע פּראַגעס“, ממוס, 'שם און יפּת'. “
אָנגעטומלט האָבן זיי און אַוועק מיט שטילע טריט“,
אַר, 'נאָך אַ יאָר'. מיט ז י ך. ־עניש.
־ער.
אָנטון — דאָס (דער), ־ס. ← אָנטאָן [לאַנגע י
אין פּד, דרומן.יקע ריידענישן י].
אָנטון — טרוו. טו אָן, ~געטון. ← אָנטאָן.
אָנטועכץ — די & דאָס, ־ן (־ער). 1. דזוו
אָנטאָן, דאָס (דער). אין לד אויך מיט אַ בײַטעם
פּון ביטול. „דיר קומט דערפֿאַר טויזנט רובל
און אָ',„ פּמ [בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923].
אָ'ן פּון דער ריינסטער וואָל. „די פּרײַזן פּון אָ,
זײַנען... זייער הויכע“, א מ אַרזשיצער,
אַש, III 1967 15.
2. פּערזענלעכע הלבשה. ‘‘שוין זעקס חדשים,
ווי [ער] האָט דאָס אָ, נישט באַנוצט“, ייִז,
'פּערל'. „מע האָט שפּעטער זיך אַרומגעזען
אַז לייבושעס אָ, ליגט אויף דעם בענקל“,
א. ראַבאַי, אייגענע ערד. „ס'איז אויך איר
איינציקע פּאַראַדנע אָ,“, חג, 'דער שטומער
מנין, [טמז, 1964 II 21].
3. הולך. הלבשה. גאַנג. „דער ייִד
דערלויבט זיך ניט קיין שום איבעריקס, גיט אַ

קוק אויף זײַן אָ'...", ימ איבז, שד II . "די
פּנימער פֿון די מענטשן האָבן אַזוי פֿיל
אויסגעדריקט, אַפֿילו זייער אָ, און זייערע
באַוועגונגען האָבן געהאַט וואָס צו זאָגן", נאָמ, 'דאָס
רבּישע אייניקל'. "לויט איר קליינוואוקסיקייט
און אָ, האַט זיך געקענט דאַכטן אַז זי איז
אַ פּאָרצעליַיענע סטאַטועטקע", טמז, 15 1965 I.
אָנטופּען — אוטוו & טרוו. ־פּע אָן, ~
געטופּעט. פּפֿ: ~טוקען. אַ קלאַפּ טאָן מיט
אַ פֿוס. אָנקלאַפּן עס זאָל זיך באַקומען אַ
טעמפּער קלאַנג. "זאָלסטו קומען אויפֿן זיידנס
קבֿר און אָ', זאָג אָן דעם זיידן...,,, מאָטיע
דעכטיאַר, בויער, מינסק 1936.
מיט ז י ך — 1. זעצן, בריקען, קאָפּען מיט
די פֿיס אָן (אין) דער ערד. אָ, זיך ווי אַ
נאַרעוויסטער פֿערד. אָ, זיך ווי אַ קאַפּריזנע כלה.
"מ'דאַרף אויפֿפּענטען דאָס פֿערד; ס'האָט זיך
שוין הײַנט געגוג אָנגעטופּעט". 2. אַ סך,
אַ לענגערע צײַט גיין, אַרומגיין. אָנגיין זיך.
,,ס'זענען געווען צײַטן, ווען ער איז געקומען
אַהיים הונגעריק נאָך אַזוי יל מי און אָ,
זיך", ממוס, ווינטשפּ. "די קליינע חנהלע האָט
זיך אָנגעטופּעט פֿאַרן טאָג, זיך אָנגעוואַרעמט
אויף דער זון, אָנגעטרונקען זיך מיט פֿרישער

לופּט“, נ. לוריע, באַ דער אָפֿענער גרובּ,
מאָסקווע 1944. ־עניש.
אָנטו.צימער — דאָס & דער, ־ן פּקפֿ: אָ'־
.
צ'ל, ־עך. צימער (קאַמערל) וואו מע טוט
זיך אָן. אָ'־צ, אין באָד. אָ'־צ'לעך אויף דעך
פֿלאַזשע. „די קריטיקער גייען אין טעאַטער
אַרײַן, דורך די הינטערשטע טירן, וואו די
ווײַבערשע אָ'־צ'לעך זענען“, נאַד.
אָנטורעמען — טרוו. ־רעם אָן, ◌ ,געטורעמט.
1. דזוו אויסטורעמען ←, 247. אָ, אַ
חתונהטאָרט פֿון פֿיר עטאַזש. 2 פֿיג. צו הויך זיך
.
פֿאַרמעסטן. אָנבויען צו פֿיל. מיט וייד אָדער
אין שריפֿט אָנכויען, אויפֿשטעלן ניט־רעאַלע
זאַכן פֿאַרגאַלאָפּירן זיך. אָנפֿאַנטאַזירן. אָ אַ
־
. ,
טעאָריע, זי זאָל זיך באַלד צעפֿאַלן. אָ, אַ ראָמאַן
פֿון טויזנט זײַטן.
אָנטורקען — טרוו ־קע אָן, ~געטורקעט.
.

1. אָנשטויסן, אַ ריס טאָן, אַ צופּ טאָן. אָ, מיט
אַ פֿויסט. 2. אַ סך און האַסטיק אָנריידן,
אָנטומלען. פֿאַרקלאַפּן דעם קאָפּ מיט אַ סך
רייד. אָ, אַ (פֿולן) קאָפּ. „און נאָך עפּעס האָט
מיר אָנגעזאָגט דער קרעטשמער, אָנגעטורקעט
אַ פֿולן קאָפּ„, שע, אָרעמע און פֿריילעכע I.
־עניש.
אָנטושען — טרוו ־שע אָן, ~געטושעט. סל.
.
אַ ביסל אָדער אַ סך (אויס)טושען, אָנדעמפֿן.
אָ, פֿלייש ווי פֿאַר אַ פֿאָלק סאָלדאַטן.
אַנטזאַגן — טרוו. ~זאַג, ◻,זאַגט. דטשמ. נר.
1. אָפּזאָגן. אַוועקשיקן (פֿון אַן אַרבעט־פּלאַץ
אע). אַ, פֿון דער שטעלע. אַ, ד אַרבעטער פֿון
׳
פֿאַבריק. 2. אַרויסזאָגן זיך נעגאַטיוו וועגן
עפּעס (עמעצן). געבן נעגאַטיוון ענטפֿער. זאָגן
ניין. צוריקווײַזן. אַ, די בקשה, די פּעטיציע.
אַ, עמעצן אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. „די
דאָקטוירים האָבן אים אַנטזאַגט דאָס לעבן„.
מיט ז י ך אַ, זיך אויסצופֿירן דעם
באַ-----
פֿעל. אַ, זיך צו באַטייליקן אין.... „דאַרפֿסט
דערצו זיך ניט אַ, פֿון דײַן אַלטן שטאַם„,

עוזר סמאָלענסקין [מינפּי II]. ״שטאָלץ און
כּבֿוד, רום און לעבן! — איך אַנטזאַג זיך
נישט פֿון רום״, סעג, לירישע לידער, קיִעוו
1919. ־ונג.

אַנטזאָגן — דזוו דפֿוו. [פֿרווו צו פֿאַרייִדישן
דטשמ] האַרקאַווי וובֿ מיט ז י ך — ״—. מיר
דאַרפֿן נישט דעם 'אוזשין, [←, 124], האָט
איוואַנאָוו זיך טרוקן אַנטזאָגט, ווי ער וואָלט
זיך וועלן נוקם זײַן״, אַר, 'די פֿרעמדע תּפֿלה'.
־דנג.

אַנטזאָטלען — טרוו. □ ,זאָטל, ~זאָטלט.
אַראָפּנעמען (באַפֿרײַען פֿון) דעם זאָטל. אָ,
דאָס פֿערדל און אַוועקלאָזן עס אויף דער פּאַשע.
״זי וועט דעם מאַן שוין ניט אַ'״.

אַנטזאַלצן — טרוו □ ~זאַלץ, ~זאַלצט. דורך
אָנווענדן אַ באַשטימטן (וויסנשאַפֿטלעכן) מעטאָד
אַרויסציִען, אַרויסנעמען זאַלץ פֿון וואַסער.
מאַכן עס זאָל ניט האָבן מער קיין זאַלץ. אַ,
ים־וואַסער מיט דער הילף פֿון אַטאָמישער
ענערגיע. ״... איז פֿאָרגעקומען... אַ
פֿײַערלעכער חנוכּת־הבית פֿון דער זרחין־דערפֿינדונג

אַנטז□עצן

(צו אַ, די ים־וואַסער)“, טמז, 29 5 19 l9 I.
־ונג — „די נײַע מעטאָדן פֿון אַ',,, דאָס
ייִדישע וואָרט, וויניפּעג, 1961 III י 25. ־עניש.

-

אַנטזאַסטיקן — טרוו. ־טיק, ~זאַפֿטיקט
אַוועקנעמען, אַרויסציִען, אַרויסקוועטשן,
אַרויספֿרעסן פֿון עפּעס דעם זאַפֿט. אַ, פֿלוימען,
ווײַנטרויבן אע פֿיג. „צו פֿאַרפֿראָזירן דעם טעקסט,

צו אַ, די שפּראַך“, י. העשעלעס, צוק, 1964,
יולי־אויג'. ־דנג.
אַנטזאַץ — דער, ־ן. אַרכ אַנטשעדיקונג.
פֿאַרגיטיקונג. שאָדנגעלט. ״האכּין מיר אַל אונ
זיר בּטחון גיהאט... דאז מיר זאָלטין משם
אַנטזאַטץ ביקומין“, גה, 222.
אַנטזויערן — טרוו ־ער, ~זויערט. פּפֿ

~זייערן. אַרויסציִען, אַוועקנעמען

--

קייט פֿון עפּעס. צושיטן צוקער און אַ'. צוגיסן וואַסער און אַ, דעם בּאָרשטש. „קען מען דען אַ, דעם ווײַן?“ —ונג.

.

אַנטזיגלען — טרוו ־גל, ~זיגלט. אַראָפּ.
נעמען, אַראָפּרײַסן אַ זיגל. בּאַפֿרײַען פֿון אַ זיגל. אַ, דעם פּאַקעט.

אַנטזינדיקן — טרוו. ־דיק, ~זינדיקט. אַרכ
אַראָפּנעמען, אַוועקנעמען פֿון עמעצן זינד. בּאַפֿרײַען פֿון זינד. מלל פֿאַרטײַטשט 'הוא יתחטא בו, (בּמדבּר, יט, 12): „ענטזינדיגין,.. אורח, 31 פֿאַרטײַטשט 'וחטאת, (שמות, כט,

,

36): „ווירסט רייניקן, ענטזינדיגן“ [תּי: “מכפּר זײַן“]. „בּײַ אונדז קען אַ רבֿ ניט אַ, ווי בּײַ זיי אַ גלח“ ־ונג.

.

אַנטזעלן — טרוו. ~זעל, ~זעלט. נעאָל.
אַוועקנעמען, צונעמען די זעל, די נשמה. מאַכן

עס זאָל ניט האָבן קיין גײַסטיקייט. ←
אַנטגײַסטיקן.

אַנטזען — טרוו. ~זע, ~זעען; □י'זען. אַרכ□
זיך מאַכן ניט זען. אַוועקקוקן פֿאַרקוקן.
גע.
פֿינען אײַנזען מיט עמעצן. „דען ווײַל זײַן
פֿאטר איז גוועזן איין כהן גדול אונ, האָט
גוועלטיגט אין ירושלים, האבן די (סנהדרין) אים
אַנטזעהן אונ, האבן אים ניט גשטראפֿט...„„
יוסיפֿון, אַמשט 1743, קעז. מיט ז י ך — זיך
איבערלייגן. זיך איבעררעכענען. זיך באַזינען.
„אונ, ער האַלטיט זיא בײַא זיך גפֿאַנגן, אום
זיך דא דארך צו אַנטרינן פֿון דש שווערט פֿון
זײַן ברודר, דען ער גדאַכט זיך ער ווערט זיך
אַנטזעהן פֿון וועגן זײַן ווײַב אונ, קינדר„„
דאָרטן, פֿא/כ.

אַנטזעצלעך — אַדי. דטשמ. נר. ־□ו[e: □
□ie] □ □se. שרעקלעך. אַן אַ'ע חיה. ער איז אַ,
רײַך. ־קייט.

אַנטזעצן — טרוו. ~זעץ, ~זעצט. אַרכ.
Mhd: e][ו□־se□: □en. פֿאַרטומלען. צעטומלען.
דערשרעקן. מלל פֿאַרטײַטשט ,ויחרד יצחק,
(בראשית, כז, 33): „ענטזעצט“ [תּי: „האָט

יצחק געציטערט“].
מיט ז י ך — צעטומלען זיך. מלל
פֿאַרטײַטשט 'ויתמהו מגערתו, (איובֿ, כו, 11):
,,ענטזעצין זיך“ [תּי ◌ “און ווערן צעטומלט,,].
“און, ווערן זיך ור וואונדרן און, אַ, איבּר אַלז
דאשׂ גוטשׂ און, איבּר אַל דען ורידן דאשׂ איך

◌

אַנטהובּן

אין געבּן וויל,,, שעריר, לג, 9 [תּי◌ ,,און ווערן
אַנגסטן און ציטערן...]“. ,,גיבּ מיר נון איין
פֿריש הערץ דאשׂ איך מיך ניט אַנטזעץ פֿאַר
אים אַון, פֿאַר זײַני מאַכט“, קהלת שלמה,
אַמשט 1744, צו/א.

-

אַנטהובּן — [... כויוון] טרוו. ~חובֿ, ~חובֿט.
באַפֿרײַען, אָפּבינדן, אויפֿבינדן (עמעצן) פֿון
אַ חובֿ. מאַכן אויס ח◌בֿ. אַ, די בעלי־חו◌ות.
אַ, די אָרעמע פויערים. [,,אַנשטאָט דעם איז
אַוודאי אַ סך בעסער צו ניצן אָפּחובֿען. אָפּחובֿן,

אָפּגעהוֹבּט“, מוו, ייִפֿאַ, 1939, 4.] —ונג.

אַנטהזירן — טרוו. ׳י,,חזיר, ׳י.,חזירט. נעאָל. מאַכן פֿאַר אויס חזיר. ,,מיט טענות און מיט יושר־זוכן קען מען דעם חזיר ניט אַ',,, צײַט, טמז, 18 1955 II.

אַנטהשבּונען — [... כעזשבּענען] טרוו. ׳..,חשבּון, ׳,חשבּונט. אַראָפּנעמען, אַראָפּרעכענען פֿון חשבּון. אַ, די הוצאָות פֿון איבּערשיקן די סחורה.

אַנטטאָן — טרוו. ~טו,, ׳י,,טאָ'ן. אַרכ

פֿאַר ׳

בּליבּן ווי אַ טוו. אומבּרענגען. “תּספּה צדיק עם רשע“, בּראשית, יח, 23 — ,,ווּעסטו אַ, דעם צדיק מיט דעם רשע,, [תּי: “ניט שוין ווּעסטו אומבּרענגען דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן?,,].

אַנטטראָנען — טרוו. ~טראָן, ׳,טראָנט. 1. אַראָפּזעצן פֿון טראָן. אַ, דעם פֿאַרהאַסטן קייסער. 2. אַרונטעררײַסן, אַרונטערוואַרפֿן, אַרונטערזעצן. מאַכן אויס עמעצן וואָס איז פֿריִער געווען אַן אויטאָריטעט, האָט פֿאַרנומען אַ מאַכט־פּאָזיציע. אַ, דעם יוניאָן־פֿירער. אַ, דעם ליטעראַטור־קריטיקער.

אַנטי־ — פּרעפֿיקס. < איי < גר. קעגן.
אין אינטערנאַציאָנאַליזמען און אין אַ צאָל צונויפֿזעצונגען וואו דער צווייטער טייל איז אַן עכט ייִדיש וואָרט. מיט בבֿ: 1. וואָס איז קעגן; קעגנעריש געשטימט. דוגמאָות: אַנטיסעמיט. אַנטירעליגיעז. 2. וואָס דינט ווי אַ קעגנווירקונג צו עפּעס. וואָס פֿאַרהיט קעגן עפּעס; אַ מיטל קעגן עפּעס. דוגמאָות: אַנטיבּיִאָטיק. אַנטיטאַנק־האַרמאַט.

אַנטי(־) — דעס באַטײַט פֿון ניטאויסגעטײַטשטע ווערטער מיט אַנטי(־) ← די ווערטער אָן דעם

פּרעפֿיקס אַנטי.

אין די ניט־אויסגעטײַטשטע ווערטער קומט אַנשטאָט אַנטי — אַ'.

אַ'אַגלוטינאַנט　　ציאָנIיזם(־יסט)
אַ'אַגלוטינירן　　אַ'אייראָפּעאיש
אַ'אַגרעסיוו　　אַ'אימיגראַציע
אַ'אַגרעסיע　　אַ'אימפּעריאַליזם
אַ'אויקסין　　אַ'
אימפּעראַ'אַזיאַטיש　　יאַליסט(יש)
אַ'איז □ איסט(יש)　אַ'
איגטעלעקאַ'אַ

לאַ— טואַל
ט

אַנטיאינטעלעקטואַליזם — דער, ־ען. ,,
יעדע פֿאָרעם פֿון אַ, פֿון רעכטס אָדער לינקס,
טראָגט אין זיך עלעמענטן פֿון אַנטיסעמיטיזם,,,
מענעס פּאָר, 3 1968 III.
,

1

אַ'אינטעלעקטואַליסט(יש)
אַ'אינטעלעקטועל
אַנט אָכן — טרוו. ~יאָך, ~יאָכט. 1.
אַראָפּי
נעמען אַ יאָך. באַפֿרײַען פֿון יאָך. אַ, די
פֿאַרשקלאַפֿטע פֿעלקער. אַ, די שקלאַפֿן־אַרבעטער.
2. מאַכן פֿרײַ. אַ, די פֿערד, די אָקסן. אויך
מיט ז י ך. ־ונג.
אַנטיאָכט — אַדי. די נישט לאַנג אַ'ע.
אַנט אַלקאָהאָ'ל — דער. < איי < אַראַביש.
,
1. יעדער מיטל וואָס רעדוצירט די ווירקונג
פֿון אַלקאָהאָל. 2. דאָס וואָס איז קעגן ניצן

אַלקאָהאָל. „.... זײַנען אויפֿן אַ־צוזאַמענפֿאָר
די ווײַסבייניקע אָנטיילנעמער פֿון דער
פֿאַרזאַמלונג געווען אומאָנגענעם פֿאַרוואונדערט פֿון
די אומגעריכטע רעדעס, וואָס עס האָבן
געהאַלטן די פֿאָרשטייער פֿון פּראָלעטאַריאַט,,,
כא. קאַהאַן איבז, פּ. לעפּעשינסקי, די פּראָגער
קאָנפֿערענץ, מינסק 1931. אַ'־פּ ר אָ פּ אַ ג אַ נ ־
ד ע. ־יזם. ־יש.
אַ'אַמעריקאַניזס אַ'אַמעריקאַניש
אַנטי־אמת — [... עמעס] דער, ־ן. נעאָל,
צײַט. דאָס וואָס איז דער היפּוך פֿון אמת.
דאָס וואָס איז קעגן אמת. דער פֿאַרפֿירערישער
אַ,־א,.
אַנט אַנגליציסט — דער, ־ן. "ער איז
געי
ווען אַ הייסער וועלשישער נאַציאָנאַליסט און
אַ שאַרפֿער אַ'", אוריאל ווײַנרײַך, ייִבל XXIII,
.23
אַ'אַנעקסיע אָ'אָפּטימIיזם(־יסט)
אָנט אָפּקען זיך — אוטוו. ־קע זיך אָן, זיך
י
~געטיאָפּקעט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
אַרומשלעפּן זיך (אָנגיין זיך) מיט שווערע פֿיס
איבער אַ בלאָטיקן וועג. אָנטאָפּטשען זיך.

אָנבּראָדזשען זיך. אָ, זיך איבּער וועגן און שטעגן.

אַ'אַפֿריקאַניש אַ'אָריענטאַל

אַ'אָקסידאַנט אַ'

בּאָלשעאַ'אַראַבּיש וויסטיש

אַ'אָרט‌אַ'ל) אַ'בּאַקט‌ ‌ל

י

אַ'בּאָלש ווי -

דאָקס

טעליאַגיש אַ'בּאַ‌כ‌ריש

ם

אַ'אַריסטאָ־ אַ'בּאַ ט

אַ'אַריסטאָ־ אַ'בּורזשואַז

קראַטיש אַ'בּ‌אָז(יס)

אַנטיבּ. אָט יק — די, ־ן. 1. יעדער מיטל

י

וואָס האָט די אייגנשאַפֿט צו שטערן דעם

פֿאַרשפּרייטן זיך אָדער אינגאַנצן אָפּצוטייטן

בּאַקטעריעס און אַנדערע מיקראָאָרגאַניזמען.

געניצט צו בּאַקעמפֿן קראַנקייטן וואָס קומען פֿון

אָנשטעקן זיך. ״דער כּבֿוד אַרײַנצופֿירן די אַ'ן

אין דער מעדיצין איז אויסגעפֿאַלן דעם

פֿראַנצייזישן פֿאָרשער רענע דובּאָ“, פֿגעז, פּאַריז

2 .2 No '1948. סכום אַנטיבּ אָטישע מיטלען. וויסנשאַפֿט אין אָנווענדונג פֿון אָט די מיטלען. ־יש — אַדי. פֿעניסילין, סטרעפּטאָמײַסין אאַ אַ'ע רפֿואות. ,,נירן־אינפֿעקציעס וואָס האָבּן אָנגעהאַלטן יאָרן און זיך נישט אונטערגעגעבּן טראָץ אַנדערע אַ'ע בּאַהאַנדלונגען,,, טמז, 7 4 19 XI.

אַנטיהיסטאַמי'ן

אַ'בּלאַסטיש אַ'בּריטיש
אַנטיגאָט־מענטש — דער, ־ן. מענטש וואָס איז קעגן (טרעט אַרויס, בּאַקעמפֿט) דעם עצם בּאַגריף גאָט. ,,רעליגיעזע מנהגים און געפֿילן זענען ניט פֿרעמד אַפֿילו דעם קאַלטסטן אַטעאיסט און דעם 'אַנטיגאָט,־מ'“, זשיט I, נ,,י 1912.
אַ'גלויבּן אַ'גלותדיק
אַנטיגלותיזם — [... גאָלעס...] דער, ־ען. שיטה וואָס האַלט אַז אַלץ וואָס קומט פֿון (האָט אַ שײַכות מיטן) גלות טויג ניט, דאַרף באקעמפֿט פֿאַרגעסן ווערן. ,,דער גלות — אַזוי

-

—— ,
זאָגן די אָנהענגער פֿון אַ, — האָט ייִדן
פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאָלק פֿון פּחדנים“, אַ. מענעס,
פֿ ר, 1962 I I ו 26.
אַ'גנאָסטיש אַ'געזעלשאַפֿטלעך
אַנטיגע'ן — דער, ־ען. (בּיִאָכעמיע) יעדער
מין סובסטאַנץ, פּראָדוצירט אין גוף, וואָס
סטימולירט דאָס פֿראָדוצירן אַנטיקערפּערס.
„דער פּשוטסטער און ווירקזאַמסטער אופֿן איז
אויסצומײַדן דעם קאָנטאַקט מיט דעם
סענסיביליזירנדיקן אַ'„, פֿגעז, פּאַריז 8 — 6 1950, No.
אַ'גערמאַניש
אַנטיגראַוויטאַציע — די. (פֿיזיק)
היפּאָטעטישע קראַפֿט, וואָס מיט איר וואָלט אַ
קערפֿער מיט אַ פּאָזיטיווער מאַסע אָפּגעשטויסן
פֿון זיך אַ קערפּער מיט אַ נעגאַטיווער מאַסע.
אַ'גריכיש אַ'דאָגמאַטיש
אַנטידאָ'ט — דער, ן. < איי < גר. (מעד)
קעגנמיטל. יעדער מיטל צו בּאַקעמפֿן די

וויר

קונג פֿון אַ סם, פֿון אַ קראַנקייט וואָס קומט פֿון באַצילן, ווירוסן.

אַ'דאָטום אַ'דאָטיש

אַ'דאַרווינ יזם(־יסט)

אַנטיד אַלעקטיש — אַדי. „... ער גייט

צו צו דער פֿראַגע אַ', ריין מעכאַניסטיש, פֿאָרמאַליסטיש“, ראַטנבילדונג, כאַרקאָוו 1932, No 3־4. —קייט.

אַ'ד

טעריט אַ'דעמאָקראַט(יש)

ייִטש(יש) אַ'דלות [... דאַלעס]

אַ'די

אַנטידעפֿאַמאַציע־ליגע — An1 ־]כ e ama־

eagu][ion . קיצור:][()][A. ייִדישע ליגע

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן צו באַקעמ ן אַנטיסעמיטישע אָנגריפֿן און דיסקרימינאַציע.

אויפֿגעקומען אין 1913 פֿאַרבונדן מיטן אָרדן
,
בני־ברית. דער עיקר־ציל: ענערגיש צו
באַקעמפֿן יעדער בילבול און בייזוויליקן אָנגריף
קעגן ייִדישן קיבוץ אָדער ייִדישן יחיד.
געשפּילט אַ באַזונדער גרויסע ראָלע אין קאַמף
קעגן נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין די
פֿאַראייניקטע שטאַטן.
אַ'דעקאָראַטיוו אַ יזם
אַ'דראָמיש יש)
אַ'הומאַן אַ'היגיעניש
אַנטיהיסטאַמי'ן — דער, ־ען. יעדער מיטל
וואָס נייטראַליזירט אָדער פֿאַרמינערט די
ווירקונג פֿון היסטאַמין אין קערפּער. געניצט ווי

אַנטיהעלד

אַ רפֿואה בײַ פֿאַרשיידענע אַלערגישע
קראַנקייטן און בײַ אַ צוקילונג. „מיט די
סינטעטישע אַ־מיטלען זײַנען צוגעקומען אין דער
מאָדערנער מעדיצין נאָך רפֿואות“ פֿגעז, פּאַריז
,
.No ,195 6—8()
אַ'היסטאָריש אַ'היעראַרכיש

אַנטיהעלד — דער, ־ן. פּערזאָן, געשטאַלט, וואָס די שטריכן פֿון זײַן כאַראַקטער זײַנען פּונקט די פֿאַרקערטע ווי מע שטעלט זיך עס פֿאָר בײ□ אַ העלד, למשל: פּחדנות פֿאַלשקייט

ʼ

,

אע. ־יש — אַדי. ־ישקייט□

אַ'וויסנשאַפֿט אַ'ווירוס

אַ'וויסנשאַפֿטלעך

אַנטיוועלט — די, ־ן. (פֿיזיק) טעאָרעטי□ ומעגלעכע וועלט וואָס באַשטייט פֿון אַנטימאַטעריע.

אַנטיוועני'ן — דער, ־ען. אַנטיטאָקסישער סערום וואָס איז דאָ אין בלוט פֿון בעלי־חיים נאָכן אײַנשפּריצן סם. געניצט ווי אַ מיטל קעגן געוויסע פֿאַרסמונגען.

אַ'וועניש

אַנטיוכ(ו)ס — [אַנטיאָכעס] דער, ־ן. >

בראשית רבה, כג, א אאַ. 1. נאָמען פֿון אַ צאָל גריכישע מלכים וואָס האָבן געהערשט איבער סיריע און ארץ־ישׂראל. אַנטיוכ(ו)ס דער פֿערטער, עפּיפֿאַנעס, אין מדרש: אַ, הרשע, איז טרויעריק באַקאַנט אין דער ייִדישער געשיכטע. עס לאָזט אַרויס אַ, דעם באַפֿעל צעאוסן צו‘‘

האַלטן פֿאַר אַ גאָט״, אַל III. „ניט געוואָלט בוקן זיך פֿאַר דעם רינג, וואָס אַ, הרשע האָט אים געוואָרפֿן„, ה. ל. זשיטניצקי, 'דעם זיידנס הײזל'. 2. טיראַן. אַכזר, רשע. „אין דעם לאַנגן גלות זײַנען אויף אונדז אַ סך... אַ'ן אויפֿגעשטאַנען„, מגן דוד, אַ בליק צוריק, אַדעס 1902.

אָנטיופּקען — טרוו ־קע אָן, ~געטיופּקעט.

-

וורר. אָנקרישלען ברויט אין זופּ.

אַנטי־זכרונותדיק — [... זיכרוינעס...]

אַדי. וואָס איז קעגן (איז קעגנעריש געשטימט צו) זכרונות. —יקייט — ״זיי זײַנען אײַך גרייט צו פֿאַבריצירן אַ גלות אָן טרערן. אַזאַ אַ־ז, בינדט זיך זייער גוט מיט אַ צווייטער טעאָריע זייערער״, צײַט, טמז.

אָנטיזליקן — טרוו. ־ליק אָן, ~געטיזליקט.

פּפֿ: ~טיזשלען, מג. אָנטאָן אַ טיזליק. אָנפֿעלצן. אָנטאָן אַ סך זאַכן, שמאַטעס, אַז עס ווערט שווער זיך צו באַוועגן. אָ, די קינדער אין אַ סך סוועדערס. געוויינלעך מיט ז י ך — „דו דאַרפֿסט זיך נישט אַזוי אָנטיזשלען, ס'איז ניט אַזאַ שטאַרקער פֿראָסט„, רייד (מג).

אַנטיהסידיש — אַדי. וואָס איז קעגן חסידות.

אַן אַ'ע סאַטירע ־קייט.

.

אַנטיטאַנק־האַרמאַט — דער, ־ן.
האַרמאַט צו שיסן אויף טאַנקען. אַ'־מיטלען. אַ'־
מינעס.
אַנטיטאָקסI'ין — דער, ־ען. סובסטאַנץ
וואָס שאַפֿט זיך אין קערפּער פֿון בעלי־חיים
וו אַ מיטל קעגן טאָקסינען, סמען פֿון
מיקי

1548

ראָארגאַניזמען. אַנטיקערפּער וואָס מאַכט אימון
קעגן אַ צאָל קראַנקייטן, רעזולטאַטן פֿון אַן
אָנשטעקונג. „אין בלוט פֿון די דאָזיקע
בעליחיים אַנטוויקלט זיך אַ קעגנגיפֿט קעגן די
גיפֿטיקע מיקראָבן, דער אַזוי־גערופֿענער אַ'. דאַן
איז בערינגן איינגעפֿאַלן אויסצוניצן דעם
דאָזיקן אַ, אַלס פֿאַרהיטונגס־ און היילמיטל קעגן
דיפֿטעריט" פֿגעז, ווילנע 8 1929, No ־יש —

, .

אַדי.
אַ'טובערקולאָז אַ'טיפֿ(יש)

אַ'טייטאָניש

אָנטיטלען — טרוו ־טל אָן, , געטיטלט.

שרייַבן אָדער זיך ווענדן צו עמעצן און מכבד זײַן (אָנרופֿן, באַטיטלען) מיט אַ סך טיטולן, טיטלען. „טיטל אָן דעם גבֿיר, זאָל ער עפֿענען זײַן קעשענע„.

אַ'טעאיזם(־איסט) אַ'טעאָלאָגיש

אַנטיטע'Iז(יס) — דער, ־ן. < איי < גר.

פֿפֿ: אַ'טעזע. קעגנשטעלונג. קאָנטראַסט. תּרתּי דסתרי. זאַץ מיט אַ פּונקט אַקעגנדיקער מיינונג ווי דער פֿריִער אַרויסגעזאָגטער פֿאַר.

טיידיקן דעם אַ'ז צום טעזיס פֿון רעפֿערענט.

דוגמאָות: אָדער לעבן אָדער טויט. או חבֿרותא או מיתותא. שבת־הגדול און קורץ־פֿרײַטיק.

לויט העגעל: נאָך דער תּקופֿה פֿון טעזיס קומט די תּקופֿה פֿון אַ, אין דער געשיכטע. זיך שפּילן מיט אַ'זן. אַ רעטאָריק וואָס איז פֿול מיט אַ'זן. „מע באַנוצט זיך מיט אַ קאָנטראַסט, מיט אַ'זיס, ווען מע וויל קענטיקער מאַכן דעם טעזיס“, שנ, וועגן יודישע שרײַבער I. „... דעם אַ'זיס, דעם קעגנזאַץ פֿון אויסגאַנגפּונקט“,

רעד, מ. שאַץ־אַנין, זב, קריזיס פֿון דער
בורזשואַזיע, ריגע 1932. ־טיש — אַדי. אַ'ער
עפּיטעט. „ר, מרדכי־יוסף האָט אימפּאָנירנדיק
געלויכטן נאָר אַלס דער אַ'ער טראַבאַנט צום
קאָצקערס מערקווערדיקער פּערזענלעכקייט“,
ייִט, פּוילן I.
אַ'טראַגוס אַ'טראָסט
אַ'טראַד אַ'טריניטאַריער
אַ'טראַדיציאָנעל
אַנטיטשנע — אַדי. < פּויל, אוק. וואָס האָט
(פֿאַרמאָגט) די מעלות פֿון אַן אַנטיק; וואָס
צייכנט זיך אויס מיט עפּעס וואָס איז פֿון
פֿאַרצײַטנס. וואָס איז זעלטן צו געפֿינען. טשיקאַווע.
מאָדנע. אַ, מעבל. אַ'ר זייגער. אַ, וואַזע. אַן
אַ, שטרײַמל. אויך מיט איר בײַטעם בײַם ב:
אויסערגעוויינלעך, אויסגעצייכנט. „נאָר אַזאַ
מין אַ, פֿרי ווי אונדזער שטאָט האָט באַקומען
אויף דעם ראָש־השנה איז אַ זכיה“, קמ, 1868,
No 36. „גיך צעפּאַקט ער ס'קרעמל זײַנס מיט
סחורה. ציצית ווײַזט ער, פֿרושים אויף דער
תּורה. נעמט אַרויס אַ, מיני ספֿרים,,, ממןס,
יודל. “מלאכיש פּנימל... אַ מאָרדעלע,
קלאַסיש געשטאַלט, אויסערגעוויינלעכע גראַציע,,,
שע, אין שטורם. “צוויי פֿינגער וואָס האַלטן

צווישן זיך דעם ציגאַר: אַ, צוויי פֿינגער!“,
בערג, ב ־ם דניעפּער I. “אַ גאַנצע ריי
לײַבטערס, שבתניקעס, בשׂמים־ביקסן... פֿון אַ'ר

אָנטײַטלען

אויסאַרבעטונג,,, יקיר וואַרשאַווסקי, 'ר, יוסל
מינץ'. ־קייט.
אַנטי דישט — אַדי. וואָס האָט זיך
דערווײַטערט פֿון יידן פֿון ייִדישקייט; וואָס האָט
,
(זיך) אָפּגעפֿרעמדט פֿון ייִדן, פֿון ייִדישקייט.
פֿולשטענדיק אַסימילירט. “ער באַטראַכט זיך
פֿאַר אַן אַ'ן ייִד, ד,,ה ער שטאַמט פֿון ייִדן און
איז אַ ייִד פֿון געבורט, ער האָט זיך ניט
געשמדט, ניט ער פֿילט אַן אינערלעכע שײַכות
מיטן ייִדישן פֿאָלק,,, טמז, 27 XII 1965.
אַ, ז ײַ ן , וו ע ר ן — ,,די יוגנט... ווערט
פֿאַרפֿרעמדט, ווערט אַ', מאַכט חוזק פֿון דעם
גרינהאָרן“, צײַט, טמז, 1957 31. ,,דרינגט
די ייִדישע אינטעליגענץ אַרײַן אין דער
ענגלישער קולטור־וועלט און ווערט אַ',,, בצג, טמז,
.IX 19 9

אַנטי□דישן — טרוו. ~ייִדיש, ~ייִדישט.
← דפֿוו. 1. אָפּרײַסן, אַוועקרײַסן פֿון דעם
וואָס איז ספּעציפֿיש ייִדיש. □אַרמינערן די
ייִדיש־נאַציאָנאַלע שטריכן. “די רוסישע שול
האָט אַנטיייִדישט די יוגנט“. 2. באַפֿרײַען פֿון
ייִדישן אײַנפֿלוס. אַ, דעם האַנדל, מסחר.
־דנג.
אָנטי־יודאַאיזם — דער. „אַנטיסעמיטיזם
איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט פֿאַר דער
שׂנאה צו ייִדן... מ'וואָלט געדאַרפֿט — לויט
וועלסן — רעדן נישט פֿון אַנטיסעמיטיזם, נאָר
פֿון אַ'־י',,, צײַט.
אַנטי־יונ אָן — די, ־ס. אַמ. גרופּע וואָס
י
פֿירט אַ קאַמף קעגן אַ יוניאָן אָדער יוניאָנס.
די אַ'־י'־באַוועגונג ־יזס.
.

אַנטי־יהידיש — [... יעכידי□] אַדי. וואָס
איז (טרעט אַרויס) קעגן יחיד, קעגן
יתידישקייט. וואָס איגנאָרירט דעם יחיד. „די
פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליריק איז ניט יחידיש, נאָר אַ'־י',
ד״ה אַנטיליריש“, ימ פֿון צײַט צו צ□.ט, קאָוונע

,

1927. ־קייט.

אָנטײַט — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנטײַטן.

אָנדײַט. אָנווײַז אויף עפּעס. „אַ פּאָר אָ'ן גיבֿן אונדז די כּתובֿות וועלכע זײַנען געפֿונען געוואָרן אין דער גניזה“, ר. זעליגמאַן איבֿז, מ. גאַסטער, די כּתובֿה, בערלין 1923, ז, 41.

אָנטײַטלען — אוטוו. ־טל אָן, ~געטײַטלט.

-

1. אָנווײַזן מיט אַ טײַטל (אַ פֿינגער) אויף (אין) אַ באַשטימטן פּונקט, אָרט, שטעל. אָ, וואו מע האַלט בײַם זאָגן עבֿרי. אָ, (פֿאַר) דעם חדרייִנגל אויף יעדן אות באַזונדער. אָ, מיטן בלײַער אויף אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג.

2. אָנווײַזן. אָנצײַגן אויף עמעצן מיט אַ צייכן, אַ באַוועג פֿון (מיט) דער האַנט (בײַם דערקענען און אויסטיילן עמעצן פֿון אַ גרופּע). אָ, אויף דעם גנבֿ, אויף דעם שולדיקן. „אָ, מיטן פֿינגער: אָט איז אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער„, א. שטיינמאַן, היימיש, דעצ, 1960. „אָ, אויפֿן דײַטשישן רוצח אַז ער האָט דערמאָרדעט אין אוישוויץ צווישן 18 — 20 טויזנט ייִדן מיט אײַנשפּריצונגען“, טמז, 26 4 19 I.

3. אָנצייכענען. אָנגעבן. אָנווײַזן מיט

וועראָנטײַטן

טער. "מע קאָן ניט געגוי אָ, אויף דעם יאָר,
ווען דער ווענדפּונקט וועט קומען,,, טמז, 1963
 I 3 . ־עניש.
אָנטײַטן ־־ אוטוו & טרוו. טײַט אָן, ~
געטײַט [אַרכ אויך: ~געטיטן]. פּפֿ: ~דייטן.
-

-

1. דזוו אָנווײַזן. געבן אַ סימן אויף צו
געפֿינען, אויפֿצוזוכן. אָ, וואו דער רבֿ וואוינט.
"דיזיש וויל איך איהם אַן טײַטן און, איהם
בּווײַזן אויף אונטר שידליכי זײַטן,,, ר, יואל
חזן, ריח ניחוח פֿיורדא 1724. ,,ניין, קיינער
,
דעם וועג וועט צו דיר ניט ווײַזן, ניט אָ',
כאָטש נאָענט בּיסטו מיר מיט אַלע די ערדישע
נאָענטקייטן,,, האַל, מײַן אוצר.
2. דזוו אָנטײַטלען, בּ1. אָ, מיטן פֿינגער
אין בּוך. ,,מע פֿאָרט איבּער דער לאַנדקאַרטע
מיט פֿינף פֿינגער, טאַקע, אָ'דיק איטלעכס

ווינקעלע, איטלעכס טײַכעלע,,, ממוס, קליאַטשע.

3. אָנוווײַזן אויף עמעצן. (אָנ)מסרן. אויסגעבן (צו דער מאַכט) פֿאַרשיטן. ,,וואָלין איר עק.

סילענס דעם יעניראַל אַן טײַטן דז יהודים אין מקום זײַנן אונ, שטעקין אין הײַזרין,,, באַלעגערניש.

4. אַרויסהייבן. אַרויסברענגען. אונטערשטרײַכן. אויפֿמערקזאַם מאַכן. אָ, אויף די אומשטאַנדן, אויף דער סיבה. אָ, אויף עפּעס וואָס איז גוט (שלעכט אע). ,,און... ער דאַרף אָ, אויף עפּעס אַזוינס אין אונדזער גײַסטיקן לעבן וואָס פֿאַרדינט אויסגעריסן ווערן מיט ד״ ווואָרצלען", זשיט X, נ,,י 1919.

5. אָנווינקען. געבן אָנצוהערן. מרמז זײַן. אָ, (אויף) אַן אויסוועג. אָ, (אויף) דעם ריכטיקן ענטפֿער. ,,זיכט וואשׂ דאשׂ מעשׂה אַן טײַט,,, ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת שלמה, אַמשט תּק,,ד. ,,אונ ליזה זיך פֿון אַלן... זעהן, אָנצוטײַטן דאשׂ זיא אנגיפֿאַנגנה קוהר גליקליך... גיענדיגט זײַא,,, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718.

־ונג — ,,און, אין זעלכי הוכי זאַכן האבן

זיא גירעט מיט אַן טײַטונג מיט איין קלוגן
מענשן“, סהמ, אַמשט 1722, ג/א. ־עניש.
אַנטי־יִ□ד — דער, ־ן. דער וואָס איז קעגן
ייִד(ן); קעגנער, שׂונא פֿון ייִד(ן). „אַזוי
אוראַלט ווי עס איז דער ייִד, אַזוי אוראַלט איז דער
אַ, ייִד... יעקבֿ און עשׂו זענען אַרויס פֿון איין
-

בּויך“, באַש, פֿאָר, 14 □ 1962 II.
אַנטי־יִ□דיש — אַדי. 1. וואָס איז קעגן ייִדן,
קעגן ייִדישקייט; וואָס טרעט אַרויס קעגן,
באַקעמפֿט אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ייִדן,
ייִדישער השפּעה און ייִדישן גײַסט. נעמ□ן אַן
אַ'־ייִ'ע שטעלונג. אויפֿבלאָזן די אַ'־ייִ'ע
שטימונג. אַן אַ'־ייִ'ער קורס. □קייט.
2. וואָס איז קעגן ייִדישן לשון, וואָס
באַקעמפֿט, איגנאָרירט, מאַכט צו גאָרנישט
פֿאַר,
קלענערט דעם ווערט פֿון דער שפּראַך ייִדיש.
אָנטייל — דער, ־ן. 1. באַטייליקונג.

מיט
-

ווירקונג. אָ, אין פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן. אָ, אין אָ געשעפֿט. אָ, אין דער דעבאַטע, אין

קאָנקורס. אָ, אין ספּאָרט־פֿאַרמעסט. אַן אָ, אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. גרויס איז דער
יווישער אָ, אין דעם קולטורעלן און עקאָנאָמישן לעבן פֿון אַמעריקע. נעמען אָ, אין דער אַטאַקע, איבערפֿאַל אויף.... אָ, אין פּאַרטיי־באַוועגונג
(־לעבן). אָ, אין יום־העצמאות. □ער האָט קיינמאָל קיין אָ, ניט גענומען אין די פֿריילעכע
,וועטשערינקעס'־מאָלצײַטן פֿון זײַנע
קאַמעראַדן,,, אַלגעמיינער אידישער אַרבײַטערבונד, סטעפֿאַן כאַלטורין, לאָנדאָן 1902
פֿאַר. ,,...
שטאַרקן דאָס געזונט פֿון די פּיאָנערן און
דורכדעם צו(ם) פֿאַרשטאַרקן זייער אָ, אין דעם קאַמף פֿאַר...,,,, י. מעשטשינסקי, פּיאָנער, מאָסקווע 1932.

2. סימפּאַטיע. מיטגעפֿיל. מיטלײַד. אָ, אין
(צו) עמעצנס צער, טרויער. □־—. א□י ואבוֹי לי! — פֿלעגט זי אים מיט אָ, ענפֿערן“, אַר,
'די לשון־קוֹדשדיקע,.

נעמען אַן אָ, — 1. (מיט)באַטייליקן זיך; משתּתּף זײַן זיך אין אַ טעטיקייט. מיטווירקן. קאָאָפּערירן. נעמען אַן אָ, אין פֿאַרמעסט. נעמען אַן אָ, אין דער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג. נעמען אַן אַקטיוון אָ, אין דער וואַל־קאַמפּאַניע, אין דער שול־פֿאָרשטעלונג. נעמען אַ גרויסן אָ, אין די צוגרייטונגען אַזוו. 2. סימפּאַטיזירן. מיטפֿילן. זיך אידענטיפֿיצירן מיט. נעמען אַן אָ, אין יענעמס לײַדן. „די מלווהס נעמען ווייניקער פֿאַר אַלעמען אַן אָ, אין צרכיציבור„, צ□י ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. [אָ, דאַרף דאָ בּאַטראַכט ווערן וו אַן אָבּיעקט צום ווערבּ נעמען פֿאַרן וואָרט

י

.

אָ, קומט געוויינלעך דער אומבּאַשטימטער אַרטיקל, קען אויך קומען דער בּאַשטימטער אַרטיקל. דאָס וואָרט אָ, קען קומען פֿאַר אָדער נאָך דעם ווערבּ. צום וואָרט אָ, קען צוקומען אַן אַטריבּוט: „ער האָט גענומען נאָר אַ כּל□ מרשטן אָ, אין דעם גאַנצן ענין“.]

אָנטיילן — אוטוו & טרוו. טייל אָן, ~געטיילט.

1. (צע)טיילן אַ סך. בּאַטיילן. אָנגעבּן. אַוועקגעבּן. אָ, מתּנות אַלע בּאַקאַנטע. אָ, די קינדערלעך פֿון אַלדעם גוטן. „מע האָט אונדז

אָנגעטיילט מיט ש◌ויקלעך ערד, איך מיין מיט זאַמד,,, די מע◌Iה פֿון פּיער בּרידער, וואַרשע 1906. 2. אויסטיילן און ניט קאַרגן דערבײַ. אָ, כּיבּודים. אָ, אויסצייכענונגען אויף רעכטס און אויף לינקס. אָ, צרות. אָ, פּעטש, שמיץ. אָ, מכּות. *אָ, אָ חלק (אַ פּאָרציע) = גוט אָנבּרעכן די בּיינער. 3. מיטפֿילן. זיך טיילן.

◌

,,פֿאַרוואָס האָט איר אונדז גאָר געלאָזן אַליין? העלפֿט אונדז דאָך, זײַט מיט אונדז און טיילט אונדז אָן מיט אײַער ליבּע,,, דפּ, דאָס נײַע לעבּען, מאַרץ 4 .1913l. אָנשטעקן. איבּערטראָגן (אויף עמעצן). איבּערגעבּן (צו עמעצן). אָ, אַ (־◌ן ־קע). ־ע◌כ◌ו ־עגיש. ־ער

חולאת ־ונ◌. .

, ײ.

־◌

־

.

אָנטיילנעמען — אוטוו. נעם אָנטייל,

אָנטיילגענומען [אָ, דאַרף דאָ בּאַטראַכט ווערן ווי אַ
קאָנווערבּ]. דזוו נעמען אַן אָנטייל. אַרויסגיין
אין גאַס אָנטיילצונעמען אין פּאַראַד. ▯איך נעם

אַנטיכלאָ'ר

אָ, אין דער פּיעסע,,. ,,זי האָט געדאַנקס...
אַלע וואָס האָבּן אָ'גענומען זי אַרויסצוראַטעווען
פֿון ר, ווערלוולס הענט,,, ספּ, סודות. ,,אין משך
פֿון 40 מינוט האָט שוין די כּלה צוריק אָ'
גענומען אין איר שׂמחה,,, ש. א. הרשקוביץ, די
אנגערקע, בּני בּרק, יאָר? ,,זיי זענען
געשטאַנען אַ בּיסל ווײַטער, נישט אָ'גענומען אין
אונדזער געשפּרעך", סעג, מײַנע זיבּן יאָר אין
תּל־אָבֿיבֿ, בּ,,א 1947. אָ'נעמונג.
אָנטיילנעמער — דער, ־ס (אויך מצ ווי אצ).
וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער עס נעמט אַן
(אַקטיוון) אָנטייל אין עפּעס; ווער עס
בּאַטייליקט זיך, קאָאָפּערירט. מיטבּאַטייליקטער. זײַן
אַן אָ, א י ן... (ספּאָרט־פּאַרמעסטן, אַ
קאָנקורס, אַן אויסשטעלונג). ער איז איינער פֿון
די ערשטע אָ, אין דער גרינדונג פֿון דער
מדינה. בּאַשטראָפֿן אַלע אָ'ס אין דער
דעמאָנסטראַציע. ,,דער לערער מוז ווערן אַ חבֿר פֿון

די קינדער, זייער פֿרײַנד, דער אָ, אין זייערע שפּילערײַען,,, ימ, קוד, 1942.   2. ווער עס אַרבעט מיט. מיטשותּף. גלײַכע חלקים פֿאַר די אָ'ס אין (פֿון) געשעפֿט פֿירמע. אָ, אין

,

דער פֿאָרשטעלונג. ,,אַז די שמורה איז שוין אַרויסגעקומען פֿון אויוון, האָט ער דערפֿון אויסגעטיילט צווישן די לומדים־אָ, חלקים אויף גאַנץ פּסח,,, יק.

אָנטייען — טײַע אָן, ~געטײַעט. פּפֿ: ~

טעיען, ▯ ..,,טייען.   אוטוו — אָנקוועלן. צעשמאָלצן ווערן פֿון פֿרייד, שעפּן נחת. ,,מע רעדט צו איר אַזוינע רייד, אַז זי טייעט אָן פֿאַר פֿרייד,,, מאַנ, ,דער שנײַדער־געזעלן...,. ,,איך טײַע אָן און אין האַרצן איז אַ פֿרייד צו זען קליינע ייִנגלעך פֿאַרשײַטע אין גאַס,,,

קלמן ה▯.זלער, פֿאָר, X 1957 6. ,,די ווײַבער האָבן גאָר אָנגעטײַעט פֿון זײַן זינגען", מעצ. קער. ,,זי איז געשטאַנען און אָנגעטײַעט, כּיבֿע הנאָה געהאַט פֿון מײַנע ווילדע מלחמה־אויסגעשרייען", י. טיגער, דער צדיק און דער בעלתּשובֿה.   טרוו — אָנשמעלצן אַ סך. צעלאָזן. אָ, שניי. אָ, וואַקס און אויסשמירן די דילן.

־עניש.
אָנטייפּן — טרוו. טײַפּ אָן, ~געטײַפּט. אַמ.
--
אָנדרוקן, אָנקלאַפּן אויף אַ שרײַבמאַשין אָדער
אויף אַ לינאָטיפּ אע. אָ, דעם בריוו, דעם
מאַנוסקריפּט. אָ, אַן אויפֿרוף.
אַנטי־ישׂראליש — [... ייִסראָאייליש] אַדי.
וואָס איז קעגן ישׂראל; וואָס איז פֿול מיט
שׂנאה צו מדינת ישׂראל. „ד אָראַבישע
פּראָ
פּאַגאַנדע ווערט וואָס וויַטער אַלץ מער
אַנטייִדיש, נישט נאָר אַ־י„„ צײַט, טמז, 1955.
אַנטיכלאָ'ר — דער. (כעמיע) יעדער מיטל
וואָס נעמט אַרויס איבעריקן כלאָרין פֿון טעק .
טיל, לעדער, פּאַפּיר אע. „מע באַשמירט דעם
פֿלעק מיט אַ ביסל זשאַוועל־וואַסער (אָדער
כלאָר־וואַסער) און ווען דער פֿלעק ווערט
פֿאַרסאַלן, דאַרף מען אָפּשווענקען מיט ריינע

וואַסער און צום סוף נאָך באַשמירן מיט אַ
לייזונג פֿון אַ'„, ש. שפּיראָ, קליידער אַרבעריַי
וואַרשע 1900.

אָנטיכלען

אָנטיכלען — טרוו. ־כל אָן, ~געטיכלט. אַרומוויקלען מיט אַ טיכל, מיט טיכלעך. אָ, דאָס קינד איידער מע פֿירט עס אַרויס אין דרויסן. געוויינלעך מיט ז י ך — אָ, זיך דעם קאָפּ מיט דרײַערליי טיכלעך. אָ, זיך דעם האַלדז. אַ'כראָניזם

אַנטיכריסט — דער, ־ן סל. דזוו אַנטיקריסט ←. „וויפֿל מע האָט אים נישט אונטערגערויכערט מיט ווײַרעך... ער רירט זיך ניט ּון אָרט, אָט דער שוואַרצער כּוח, דער אַ,,,, שע, אין שטורס. ״אַ'ן, וואָס קאָלאָטעט איר דאָ די שטובּ, ס'איז אײַך נאָך קאַרג טרערן?,,, א. שעכטמאַן, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962' No.

אַנטילאָגאַריטם — דער, ־ען. (מאַט) די צאָל פֿון אַ געגעבענעם לאָגאַריטם. ווען דער לאָגאַריטם איז געגעבן, גע ינען זײַן אַ.. ־יש — אַדי.

אַנטילאָגיזם — דער, ־ען. (לאָגיק) גרופּע פֿון דרײַ זאַצן, פּראָפּאָזיציעס, וואו דער דריטער האָט אין זיך אַ סתּירה צו די ערשטע צוויי און מע טאָר דעריבער עס ניט אָננעמען פֿאַר אַ סילאָגיזם.

אַנטילאָג􏰀יע — די, ־ס. סתּירה אין אידייען. סתּירה אין זאַך גופֿא. אַרויסזאָג פֿון צוויי זאַצן וואָס זײַנען זיך סותר ־יש — אַדי.
.
אַנטילאָפּ — דער, ־ן. אויך: אַנטילאָפּע, די. (זאָאָלאָגיע) מין הירש פֿון די וואַרעמע לענדער.
מעלהגירהדיק מיט
געשפּאָלטענע
טלאָען. טיילט זיך
אויס פֿון
אַנדערע מינים
הירשן מיט זײַן
גרייס און
אויסגעהוילטקייט פֿון
זײַנע הערנער.
„די אַ'ע, די
געוויינלעך אַזאַ
שרעקעדיקע, איז דאָרטן דערנעבן געשטאַנען און מיטן קאָפּ געמאַכט...„ נס איבּז, אַנדערסענס מעסtהלעך, קיִעוו 1920. אַ'ן־ל ע ד ע ר — זאַמש־לעדער פֿון באַאַרבּעטער אַ'־פֿעל A]􏰀i
􏰀 .

.lo]קe (ervic a]קra
אַנטי־לבֿנון — [... לעוואָנען] דער. גנ. „די
בערג אין ארץ־ישׂראל רופֿן זיך: הר הלבֿנון
און אַ־ל', ציִען זיך ביידע אינאײנעם פֿון מזרח
צו מערבֿ און גייען אַריַין אן ים התּיכון„,
א מאַלקאָוו ספֿר דרך אמו[, וואַרשע 1894.
אַנטילופּט אַלאַר(ע)ם — דער, ־ס.

אַלאַרעם (מיט סירענעס פּיַפֿעריַ, ראַדיאָ־
מעלדונ,
גען אע) צו וואָרענען אַז עס דערנענטערן זיך
דעם שׂונאס באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. „...
צווישן איין אַ־אַ, און דעם צווייטן, מיט וועלכן
מע האָט געוואָרנט די תּל־אָביבער
איַנוואוינערס“, ייִבל י300 ,XXXI. אַ־ה אַ ר מ אַ ט
—
צו באַשיסן פֿון דער ערד דעם שׂונאס
קריגסעראָפּלאַנען.

155()

אַ'לוקסוס אַ'ליטורגיש

אַ'ליבעראַל(יזם) אַ'ליריש
אַנטילן — די. גנ. אויך: אַנטילישע
אינדזלען. אינדזלען־גרופּע צווישן צפֿון־ און
דרום אַמעריקע. די אַ, ווערן אײַנגעטיילט אין
-

די 'גרויסע אַ'': קובאַ, זשאַמייקאַ, האַאיטי,
פּאָרטאָריקאָ, און די 'קליינע אַ'', אַ קייט
אינדזלען צוישן פּאָרטאָריקאָ און טרינידאַד. די
אַ, זײַנען אַמאָל געווען שפּאַנישע קאָלאָניעס.
מיט די קליינע אַ, האָבן זיך אײַנגעטיילט
ענגלאַנד פֿראַנקרײַך און האָלאַנד. די אָרטיקע
באַ,
פֿעלקערונג, ד אַרואַקן, האָבן די שפּאַניער
אויסי
גערעאָטן במשך עטלעכע יאָרצענדלינג. מיטן
אויסנעם פֿון קובאַ און פּאָרטאָריקאָ, זײַנען
ס'רובֿ הײַנטיקע אײַנוואוינערס פֿון די אַ,
נעגערס און מולאַטן.
אַנטילעריע — די. מצ נב פֿטמ. פֿאַרגרײַזטע

פֿאָרעם פֿון אַרטילעריע (←). “אַ קלייניקייט
אין אַ מלחמה, אונטער אַ, נאָענט פֿיר יאָר,
דאָך האָב איך שטענדיק געזאָגט... צדיק ד,

בּכל דרכיו“, מ. אחון, אַננאַ גריגאָריעוונאַ,
ווילנע תּרנ„ו.
אַ'מאַגנעטיש אַ'
מאַטעריאַאַ'מאָדערן ליסט(יש)
אַ'מאַטעריאַליזט
אַנטימאַטעריע — די. מצ נבּ. (פֿיזיק) דזוו
אַנטישטאָף. מאַטעריע וואָס בּאַשטייט פֿון
טיילכעלעך וואָס זײַנען אַנאַלאָגיש צו די
געוויינלעכע טיילכעלעך פֿון מאַטעריע, אָבּער האָבּן
אַ פֿאַרקערטע אָנלאָדונג, אַזוי ווי פּאָזיטראָן
מיט אַ פּאָזיטיווער אָנלאָדונג. איז אַנאַלאָגיש
צו עלעקטראָן מיט אַ נעגאַטיווער אָנלאָדונג.
אַ'מאַלאַריש אַ'מאַלטוזיאַנער
אַנטימאָ'ן — דער, ־ען. פּפֿ: אַנטימאָניע.
כעמישער עלעמענט. זילבּער־ווײַסער מעטאַל.
טרעפֿט זיך אויך אין אַ ריינער פֿאָרעם.
געניצט אין פֿאַרשיידענע פֿאַרבּינדונגען,
אָנגעווענדט אויך אין מעדיצין. אַטאָמישער נו ער
51, אַטאָמישע וואָג 121.75. סימן כ8ו (פֿון
stibium). “אַ, ווערט געניצט אין לעגירונגען,
פֿון וועלכע מע מאַכט דרוק־שריפֿט,,, ס
פֿײַנ.
סטאָון, כעמיע, נ„י 1920. ־יש — אַדי.
אַנטימאָני'ד — דער, ־ן. פֿאַרבּינדונג

וואָס האָט אין זיך אַנטימאָן.
אַ'מאָנאָפּאָל(יזם)
אַנטימאָנסו'ן — דער, ־ען. (
מעטעאָראָלאָגיע) שטראָם לופּט איבער אַ מאָנסון וואָס
באַוועגט זיך אין אַן אַקעגנדיקער ריכטונג.
אַ'מאָראַל(יש) אַ'מזרחדיק
אַ'מאַר סיזס [... מיזרעכדיק
ם
[
- אַ'מיל
יטאַריז
אַ'מאַר

סיסט(יש) אַ'מיליטעריש
אַ'מוזיקאַל(יש) אַ'מיסטיש
אַנטימיסל — דער, ־ס (־ען) i an: .
.
missile. ספּעציעלער מין ראַקעט וואָס זוכט
אויס אין לופּט און צעשטערט דעם שׂונאס
מיסל(ס).
אַ'מיקראָביש אַ'מלוכהש

אַנטינעווראַלגיק

אַ'מלהמה־ אַ'מעכאַניסטיש
אַ'מעדיציניש אַ'מעלאָדיש
אַ'מעטאָד
אַנטימענטש — דער, ־ן. נעאָל. ווער עס
באַקעמפֿט, האַסט דעם מין מענטש. ווער עס
טראָגט אַ פּאַטאָלאָגישע שׂנאה צו מענטשן.
„די דאָזיקע געפֿערלעכע אַ'ן האָבן מיט זייער
שפּרוך אַזוי גורם געווען אַז...„, יג, טמז,
31 1954 I. ־לעך — אַדי. אַ'ע אַכזריותן.
אַ'מער▯דיק אַ'
נאַטוראַ[... מײַרעוודיק] ל▯סט(יש)
אַ'נאַטוראַליזם
אַנטינאָ'ם ▯ דער, ־ען. < איי < גר.
1. קעגנזאַץ, סתּירה, היפּוכדיקייט צווישן איין
פּרינציפּ (געזעץ, תּקנה אע) און אַ צווייטן. ▯.
אַנטינאָמיע. 2. (שלעכטער) צונאָמען.
אַנטינאָמ יע — די, ־ס. < איי < גר.
סתּירה בכלל. סתּירה צווישן צוויי
אַרויסזאָגונגען, וואָס ביידע זײַנען שׂכלדיק מאָטיווירט.
"אין זײַן לעוע ווען די אַ'ס... האָט קאַנט
געוואָלט באַווײַזן ווי אַזוי אונדזער שׂכל מוז
זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין סתּירות", זשיט II▯,
נ„י 1917. "סימנים פֿון אַזאַ געוואַגטער אַ,

שטעקן, למשל, אין דעם מאמר חז"ל 'למה נקרא שמו חזיר, שעתיד הקבּ"ה להחזירו לישׂראל'. נישט מער און נישט ווייניקער", א ליפּינער, איק, פּסח תשכ"ד. ־יסט.
־יש — אַדי. אַ'ישע אינטערפּרעטאַציע.

אַ'נאַציאָנאַ—	ליסט(יש)
ליזאַציע	אַ'נאַציזם
אַ'נאַציאָנאַ־	אַ'נאָרמאַל
ל(יזם)	אַ'נאַרקאָטיק
אַ'נאַציאָנאַ־	אַ'נאַרקאָטיש

-

אָנטינוסן — [... טי'נעפֿן] אוטוו & טרוו.
טינוף אָן, ~געטינופֿט. (אומאיידל) (איבּער)־לאָזן טינוף, צואה. בּכלל אָנחזירן, אָנשמוצן. אָ, די פֿאָדלאָגע. אָ, איבּער (אויף) דער גאַנצער פּאָדלאָגע.
אָנטינטל ז. ו. אָנשרײַבּן עפּעס אדיף
— טרוו ־טל אָן, ~געטינטלט. פּפֿ:
.
~טענט
דער גיך, אומגעראָטן, שלעכט. אָנשרײַבּן וואָס

האָט ניט קיין (ליטעראַרישן) ווערט. „כ'האָב
אָנגעטינטלט היינט... אַנו, באַוויַיז אַקאָרשט,
וואָס פֿאַר אַ מזמור האָסטו אָנגעטינטלט דאָרט?“,
האַל, ערדישע וועגן. 2. דזוו אָנטענטלען ←.
־עניש.
אַ'ניהיליזס   אַ'
נייטראַאַ'נייטראַל   ליסט(יש)
אַ'נייטראַליזס
אַנטינייטראָ'ן — דער, ־ען. (פֿיזיק)
אַנטיפּאַרטיקל פֿון נייטראָן. אַן עלעמענטאַרער
פּאַרטיקל פֿון אַטאָם, אָן אַן אָנלאָדונג, וואָס זייַן
מאַסע אין אַרומדריי איז גלייַך צום נייטראָן,
אָבער זייַן מאַגנעטישקייט איז פֿאַרקערט צום
נייטראָן.
אַ'נייראָטיש   אַ'נעגעריש
אַנטינעוואַלג▯יק — אַדי▯ פּפֿ: אַ'יש.
וואָס פֿאַרהיט אָדער פֿאַרמילדערט

נעוראַלאַנטיסאָציאַל

גיע. אַספּירין איז דער פֿאַרשפּרייטסטער אַ'ישער
מיטל.
אַ'סאָוועטיש   אַ'סאָפּיסטיש
אַ'סאַניטאַר

אַנטיסאָצ אַל — אַדי. אַנטיגעזעלשאַפֿטלעך.
,
וואָס איז קעגן די אינטערעסן פֿון דער
געזעלשאַפֿט. וואָס קומט ניט אויס, סאַרטראָגט זיך
-

ניט מיט מענטשן. וואָס איז אָפּגעזונדערט,
אָפּגערוקט און האָט ניט קיין אינטערעס פֿאַר
דער סבֿיבֿה וואו מע לעבט. אַ'ע כּוונות. אַ'ער
כאַראַקטער ־קייט.
.
אַ'סאָציאַליזם אַ'
סופּעראַ'סאָציאַ— נאַציאָנאַליזם
ליסט(יש)
אַנטיסטראָפֿע — די, ־ס. 1. דער צווייטער
פֿערז אָדער די צווייטע סטראָפֿע וואָס איז
מעטריש אינגאַנצן גלײַך צו דער ערשטער.
2. אַ שוין געזונגענע סטראָפֿע פֿון אַן אָדע,
וואָס דער כאָר אין אַנטיקן גריכישן טעאַטער
הייבט אָן פֿונדאָסנײַ.
אַ'סימעטריע אַ'סכאָלאַסטיש
אַ'סימעטריש אַ'סלאַוויש
אַנטיסעמי'ט — דער, ־ן. ווג ־יכע, ־ין, ־קע,
־ס. < אַנטי + סעם [שם, נחס זון]. קעגנער,

פֿײַנד פֿון ייִדן [און ניט פֿון אַלע אַנדערע סעמיטן]. שׂונא־ישׂראל. צורר־היהודים. [דעם אויסדרוק סעמיט בנוגע ייִדן האָט דער ערשטער געניצט דער אַ, שאָלצער אין 1781, אין דײַטשלאַנד.] פֿײַערדיקער, ברענענדיקער אַ'. אונטערהאַקן די פֿליגל די אַ'ן. „אויך אַ'ן זאָגן: אַ צאָל פֿון מײַנע בעסטע פֿרײַנד זײַנען ייִדן“. „דער גרעסטער בלבול בײַ די אַ'ן איז — אַחדות בײַ ייִדן“. „די אַ'ן זײַנען קלאָר אין ייִדישע דינים ווײַל זיי לערנען שטענדיק מיט ייִדן דעם 'יד חזקה',. “די נישט שמס קינדער — אַ'ן הייסט עס אויף גויאיש — יאָגן און פּלאָגן שמס קינדער פֿאַר אויסגעטראַכטע זינד“, ממוס, 'שם און יפֿת'. „ווײַל ער איז אַן אַ,, האָט ער אַן אויג אויף [דעם ייִדנס]... טאָכטער,,, שע, אין שטורס.

אַנטיסעמיטיזם — דער, ־ען. ←

אַנטיסעמיט. קעגנערשאַפֿט צו ייִדן. ייִדנהאַס. ייִדנפֿײַנטשאַפֿט. שׂנאת עולם לעם עולם. [דעבו טערמין האָט געשאַפֿן דער ייִדנפֿרעסער ווילהעלם מאַר אין 1789, דײַטשלאַנד.] קאַמף קעגן אַ'. פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, ראַסיסטישער, רעליגיעזער אאַ אַ'. איבערבלײַבעכצן פֿון מיטלעלטערלעכן אַ'. אַ, אין די עוואַנגעליעס. „דער

פֿינצטערער נאַציאָנאַליזם מיטן אַ,
אונטערגעשלאָגן — אין פּאַריז!", פּרץ, געדאַנקען און
אידייען. „איבּערנעמען די אַחריות, אַז דער אַ,
וועט אייביק בלײַבּן אין די גרענעצן פֿון
איידלקייט און פֿײַנע מאַניערן קאָן אויך קיינער
ניט", זשיט III ׳, נ"י 1919. "יעדע פֿאָרעם פֿון
אַנטיאינטעלעקטואַליזם פֿ ׳ן רעכטס אָדער לינקס
טראָגט אין זיך עלעמענטן פֿון אַ'", אַ. מענעס
פֿאָר, 1968 III ׳י 3.
אַנטיסעמיטיש — אַדי. וואָס איז פֿון (איז
שייך צו, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן

אַנטי1551

סעמיט אָדער אַנטיסעמיטיזם. אַ'ע בלבּולים. אַ'ע
ל י גע — געשאַפֿן אין דײַטשלאַנד אין 1789.
־קייט.
אַנטיסעמיטעווען — אוטוו ־טעווע, ׳י„
סע.
מיטעוועט. זיך פֿאַרנעמען מיט אַנטיסעמיטישע
טעטיקייטן, מיט העצן קעגן ייִדן. „קוזאַ [אין
רומעניע] האָט טאַקע פּראָ׳ עסאָרעוועט און
אַנטיסעמיטעווע׳ו„ ש ביקל, טמז, 1966 ׳ 21.

אַנטיסעמיטערײַ, — דאָס (די), ־ען. (מיט בּיטול) אויסדרוק פֿון אַנטיסעמיטיזם. טואונג פֿון אַן אַנטיסעמיט. „איבּערהזרן די אַ'ען וואָס... האָט אָנגעפּאַסקודיעט אין זײַן חיבּור איז איבּעריק„, ▯צייט, טמז, 17 ▯1964 II.
אַ'סענסיטי'וו אַ'סענסואַ'ל
אַנטיסעפּט יק — די. סיסטעם מיטלען צו בּאַפֿרײַען פֿון מיקראָבּן, בּאַצילן, טרעגערס פֿון אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן פֿון שאָדן־ בּרענ,
געגדיקע עפֿעקטן. „אַ, ווערט אָנגערופֿן דאָס אָנווענדן בּײַ פֿאָרוואונדונגען אַזעלכע מיטלען וועלכע פֿאַרניכטן די בּאַקטעריעס", פֿגעז, ווילנע 2 1923' No־3. „ער פֿאַרלאַנגט אַ'. ער וויל היגיענישע בּאַדינונג; ער פּרעדיקט , פֿאַרהיטונגמעדיצין'", קאָר I. „איר וועט דאָך דער וועלט נישט זאָגן: לייג אַוועק דײַן אַ, און ניץ אָש פֿון אַ פֿאַרבּרענטער קו!", פּרץ, געדאַנקען און אידייען. אַ'יש — אַדי. אַ'ישע מיטלען. „איבּערזײַערס פֿון וואַסערשטאָף... ווירקט אַ'יש אויף וואונדן און געשווירן„ פֿגעז, ווילנע
,
19 1931' No.
אַנטיסערום — דער, ־ס. סובּסטאַנץ וואָס

האָט אין זיך אַנטיטאָקסין (←) אָדער
אַגלוטינין (←, 29), וואָס מע קריגט אַרויס פֿון
אינאָקולירטע בעלי־חיים. געניצט
אַרײַנצושפּריצן אין בלוטשטראָם פֿון אַנדערע בעלי־חיים
צו אימוניזירן קעגן ספּעציפֿישע קראַנקייטן.
אַ'ספּאַזמאַטיש
אַנטיספּאַ'סט — דער, ־ן. < איי < גר.
פֿערזנפֿוס פֿון פֿיר טראַפֿן, וואו עס ווערט
אַקצענטירט דער צווייטער און דריטער טראַף.
אַזאַ, קו'רצע מינו'ט פֿריי'דן.
אַ'ספּיריטואַליזם   (־איסטיש)
אַ'סקאָרבוטיש   אַ'
עוואָלוציאָאַ'סקעפּטיצIיזם   נ יזם(־יסט)
(־יסט)   אַ'עוואָלוציע   □
אַ'סקעפּטיש   אַ'עמפּיריש
אַ'עגאָ איזם   אַ'ענגליש
אַנטי־ענזים — דער, ־ען. (בּ□אָכעמיע)
סובסטאַנץ, מיטל וואָס דערלאָזט ניט די ווירקונג
פֿון אַן ענזים. אַן אַנטיקערפּער אין אַ געוויקס
אָדער בעלי־חיים וואָס קומט אויף זיך
אַקעגנצושטעלן דעם עפֿעקט פֿון אַ פֿרעמדן ענזים.
־יש — אַדי
אַ'ענטור־   אַ'
עסטאַבלישזיאַסט(יש)   מענט

אַ'ענערגי(סטי)ש

אַנטי־עסטעט יזם — דער, ־ען. דאָס וואָס איז קעגן עסטעטיזם, קעגן עסטעטיק. "זײַן

אַנטי־פּאַלעסטינעץ

אַ'־ע, האָט מיר פֿאַרשאַפֿט עסטעטישן גענוס,,, שנ, קריטיק און קריטיקער. אַ'־עסטעטיקער. ־יש — אַדי

אַנטי־עקדה — [... אַקיידע] די

פֿאָר־ .

שטעלונג, סימבאָל וואָס איז קעגן עקדה, קעגן מאָראַל עמעצן מקריבֿ □ו זײַן צוליבֿ אַן אידעאַל. ,,ער פּראָטעסטירט קעגן טייטן אָדער פֿײַניקן מענטשן אין נאָמען פֿון גאָט אָדער אין נאָמען פֿון צוקונפֿטיקע... דורות. ער גיט אונדז אַן אַ'־ע", שנ, ה. לייוו□ק.

אַ'עקספּאַנסיאָ־ אַ'עקספּאַנסיע ניזם

אָנטיעשען זיך — אוטוו ־שע זיך אָן, זיך

.

~געטיעשעט. סל. □c□ר][,□]□[e□]ai□נ: □ <. פּפֿ:

~טישען זיך ←. אָנקווועלן. אָנפֿרייען זיך.

(אָנ)שעפּן זיך מיט נחת. „אַ שטיק גליק וואָס
ער האָט זיך אַ ביסל אָנגעטיעשעט, כאָטש
פֿאַרן טויט געהאַט פֿון דיר אַזוי פֿיל כּיבוד אָבֿ„,
-

שע, בלאָנדזענדע שטערן II.
אַנטי־עשׂרת־הדיברותדיק — [...
אַסערעסהאַדיברעס...] אַדי. נעאָל. וואָס איז קעגן
די צען־געבאָט. לעבן אין אַן אַ־ע'־ה'ער וועלט.
־יקייט — „די אַזוי־גערופֿענע מאָדערנע
הפֿקר־מענטשהייט וואָס כשרט פֿאַרברעך און
זינקט אין תּהום פֿון אַ־ע'־ה',„ ציַט, טמז,
.I 1970 2
אַנטיפּאָ'ד — דער, ־ן. < איי < גר. 1. ווער
עס איז פּונקט אויף דער קעגנדיקער זײַט פֿון
ערדקײַלעך. 2. ווער עס איז אין כאַראַקטער
פּונקט פֿאַרקערט צו אַ צווייטן. צווילינג־ברידער
און דאָך אַ'ן. „ציט אים [משיח בן דוד] צו
בן־יוספֿן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי
זענען אַ'ן“, שנ, ה. לייוויק. 3. (דאָס) וואָס
איז פּונקט דער היפּוך .ער מיט וואַסער,

.
ליכט און פֿינצטערניש. מזרח און מערבֿ.
4. אָדי. וואָס עס איז פֿונקט אויף דער
קעגנדיקער זײַט פֿון ערדקײַלעך ־אַ'ל ־יש —
. ,
אַדי.
אַנטיפּאַט יע — די, ־ס. < איי < גר.
היפּוך פֿון סימפּאַטיע. אומחן. ווידערגעפֿיל.
ניטשׂכלדיקע, כּמעט אינסטינקטיווע באַציאונג פֿון
אומפֿרײַנדלעכקייט צו עמעצן אָדער צו עפּעס.
יעדער מענטש מיט זײַנע סימפּאַטיעס און אַ'ס.
דערפֿילן אַן אַ, איינער צום אַנדערן. "מיט
אַ טיפֿער קעגנערשאַפֿט צו דעם לעבעדיקן י דן,
אַן אַ, וואָס האָט זיך איבערגעט אָגן אויף
צוריק,,, קאָר II. ,,אַ בייזלעכע אַ, רעדט אַרויס
פֿונעם אַרטיקל וועגן הײַנע", מוו, ייִבֿל I, 2.
־יש — אַדי. ער איז מיר אַ'. ־ישקייט.
אַ'פּאַטעטיש אַ'פּאָליטיש
אַ'פּאַטריאָט(יש)
אַנטי־פּאַלעסטינעץ — דער, ־נצעס. < רוס
דער וואָס איז אַ קעגנער פֿון פּאַלעסטינצעס
(אין די 80. און 90. יאָרן פֿון 19. י"ה), וואָס
האָבן זיך אַליין באַזעצט אין פּאַלעסטינע, אין

ארץ־ישׂראל, אָדער געהאָלפֿן שאַפֿן די
באַוועגונג פֿאַר אָט דעם ציל, אַז ייִדן זאָלן זיך
באַזעצן אין פּאַלעסטינע. „אַזוי ווי ער [דער

אַנטיפּאַסטע

רעד, פֿון 'איזראַעליטאַ] איז אַ שטאַרקער
אַ־פּ', האָט ער ניט דערמאָנט וועגן דער
קאַטאָוויצער אַסיפֿה“, ייִפֿאָל, 1885, No 14.

אַנטיסאַסטע — די, ־ס. > איי > איט.
פֿאָרשפּײַז, געוויינלעך פֿון שאַרפֿע מאכלים (צו
וועקן דעם אַפּעטיט).

אַ'פּאָעטיש אַ'פּאַראַזיטיש
אַ'פּאַציפֿיזם אַ'פּאַראַלעל
אַ'פּאַציפֿיסט(יש)

אַנטיפּאַרטיקל — דער, ־ען. (פֿיזיק)
יעדערער פֿון צוויי פּאַרטיקלען, איינער פֿון מאָ־
טעריע און דער צווייטער פֿון אַנטימאַטעריע,
וואָס מאַכן אויס, צענישטן איינס דאָס צווייטע
בײַם צונויפֿטרעפֿן זיך, אַזוי ווי אַן עלעקטראָן
מיט אַ פּאָזיטראָן.

אַ'פּאַרלאַמענט אַ'פּויליש
אַ'פּאַרלאַמענ־ אַ'פּוריטאַניש
טאַריש

אַנטיפּינטל — דאָס. מצ נבֿ. נעאַל. דאָס וואָס איז אין קעגנזאַץ צום פּינטל. דאָס וואָס איז דער היפּוך פֿון ציל. „ער האָט בֿאַלד אָנגעהויבֿן מיט טרעפֿן נישט אין פֿינטל, נאָר אין אַ"", צײַט, טמז, 1956.

אַנטיפּיריי'ן — דער. (פֿאַרמאַצעווטיק) אַ ווײַסער פּולווער 1][]▯12]▯2o▯(▯ געניצט ווי אַ מיטל צו לינדערן ווייטיקן. איז אַנטירעוומאַטיש, אַנטינעוראַלגיש.

אַנטיפּירעט יק — די. מיטל וואָס שלאָגט אַראָפּ אָדער העלפֿט אויסמײַדן פֿיבֿער ־יש —

.

אַדי.

אַ'פּלאַטאָנIיזם אַ'פּעריאָדIיק

(־יסט) (—יש)

אַ'פּלאַטאָניש

אַנטיפּערסאָנאַ'ל — אַדי. וואָס איז קעגן פּערסאָנאַל. אַן אַ'ער בֿאַשלוס.

אַנטיפּערסאָנע'ל — אַדי. וואָס איז קעגן מענטשן. אַ'ע בֿאָמבֿאַרדירונג מיט דער כּוונה צו טרעפֿן דאָרטן וואו עס איז דאָ אַ געדיכטע בֿאַפֿעלקערונג.

אַנטיפּקע — די, ־ס. דזוו אָטיפּקע ←, 862.

,,אַ ליולקע־ציבעק, אַ לאַנגע אַ, מיט אַ
מונדשטוק פֿון בּרוסט ן“, ממוס, שלמה. ,,
איינגעהילט אין אַ בּרייטן טערקישן שלאָפֿראָק,
לוינט נישט דעם אַלטן בּאַלעבאָס אַרויסצונעמען
די לאַנגע אַ, מיטן בורשטינענעם שפּיץ פֿון
מויל“, פּרץ, 'נס חנוכּה'. ,,עכטע בּרושטין וואָס
גייט אויף לולקע־ציבעקס און אַ'ס“, שע,
'לשנה טובֿה,.
אַ'פּראַגמאַטיש אַ'פּראָדוקטיוו
אַנטיפּראָטאָ'ן — דער, ־ען. (פֿיזיק)
אַנטיפֿאַרטיקל פֿון פּראָטאָן. עלעמענטאַרער
פּאַרטיקל פֿון אַטאָם וואָס האָט אַ נעגאַטיווע
אָנלאָדונג, גלײַך צו אַן עלעקטראָן, האָט די זעלביקע
מאַסע פֿון אַן עלעקטראָן און דעם אַרומדריי
פֿון אַ פּראָטאָן.
אַ'פּראָטעס־ טיש
טאַנט(יזס) אַ'פּראָל טאַריש
אַ'

פּראָטעסטאַנ1552
אַנטיפֿאָלק זם — דער, ־ען? 1. שיטה,
אײַנשטעל וואָס איז קעגן פֿאָלקיזם. 2. אײַנשטעל
קעגן די אינטערעסן פֿון פֿאָלק. דאָס אָפּקערן

זיך פֿון פֿאָלק. „דער ייִדישער געדאַנק איז באַהערשט געוואָרן פֿון אַן אַ, אַזאַ וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין ביטול, אין סאַטירע, אין... אַנטלויפֿן פֿון אָלץ וואָס איז פֿאָלקסטימלעך„, א. גאַלאָמבּ, אויפֿן שוועל, נ"י, מאַרץ־מײַ 1957.

אַנטיפֿאָלקיש — אַדי. וואָס איז קעגן פֿירונגען, אײַנשטעלונגען אָדער אינטערעסן פֿון פֿאָלק. וואָס איז ניט אין גײַסט פֿון פֿאָלק. „אַ טייל פֿון דער אויפֿקלערונג איז אַוועק אויף אַ'ע וועגן“, ימ, שמעון דובנאָוו. ־קייט.

אַנטיפֿאָ'ן — דער, ־ען. < איי < גר. אַ פֿערז אָדער אַ געזאַנג, אַרויסגעזאָגט אָדער געזונגען ווי אַן ענטפֿער צו אַ יחיד אָדער אַ גרופּע.

אַנטיפֿאָנ▯יע — די, ־ס. 1. זיך־בײַטנדיק געזאַנג אין אַ כאָר וואָס באַשטייט פֿון צוויי טיילן. דז אויך בײַם שפּילן פֿון אַן אָרקעסטער. 2. (אין קירכן) געזאַנג מיט אַ פֿאָרזינגער און כאָר. 3. לאָגישע סתּירה. ־אַ'ל. ־אַליש. ־אַ'ר. ־יש — אַדי

אַ'פֿיזיש	אַ'פֿאַשיזם
אַ'פֿילאָסאָפֿיש	אַ'פֿאַשיסט(יש)
אַ'פֿעאָדאַל(יזם	אַ'פֿונדאַמענטאַ־
(־יסט)	ל▯יזם (־יסט)

אַנטיפֿעבר􏰀יל, ־ין — דער, ־ן, ־ען.
מעדיצין קעגן פֿיבער ־יש — אַדי.
.
אַ'פֿעדעראַל אַ'
פֿעמיאַ'פֿעדעראַליסט ניסט(יש)
אַ'פֿעמיניזם אַ'פֿערמענט
אַנטיפֿראַ'ז — דער, ־ן. וואָרט, גע ניצט מיט
דער פֿאַרקערטער מיינונג. חכם וועגן אַ שוטה.
אויך: אַ'ע, די.
אַ'פֿראַנצויזיש אַ'פֿרוידיאַניש
אַנטיפֿרומקייט — די, ־ן. קעגנערישקייט
צו פֿרומקייט. „באַקומט זיך דער קוריאָז אַז
פֿאַנאַטישע פֿרומקייט און אַ, באַגעגענען זיך
ביים פֿרוּוון אָפּטיילן דאָס רעליגיעזע פֿון דעם
פֿאָלקלאָריסטישן“, ימ, איק, פּסח, תשי„א.
אַנטיפֿרי'ז — די, ־ן. אַמ. 􏰀e􏰀ree􏰀anti:􏰀. < .
פֿליסיקייט פֿאַרן ראַדיאַטאָר צו מאַכן
נידעריקער דעם פֿריר־פּונקט פֿון אַן אָפֿקיל אַפּאַראַט.
-
אַ'פֿריקציע
אַנטיציוני זם — דער, ־ען. שיטה,

ריכ

טונג וואָס איז קעגן ציוניזם. דער אַ, פֿון די
עקסטרעם־רעכטע און עקסטרעם־לינקע. אַ'יסט
— ,,אָט איז אַן אַנטיציוניסט, פֿון צוקער
אויס,

געגאָסן, — אַ 'קאָוונער, דווקא און — איר
הערט? — ער שרייַבט ניט קיין ,דאָנאָסן'!?,,,
פֿרוג I.

אַנטיציפּירן — טרוו ־יר, ~צי ירט. < איי
.
< ל. ריכטן זיך אויף עפּעס. וואַרטן אויף
עפּעס, האָבן אַ פֿאָרגעפֿיל. אַ אַ גוטן
רעזול,
טאַט. ״מעלאָדראַמאַטיק, אַנטיציפּירט פֿון אַ
שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג״, גראָס־צימערמאַן, גק,

אַנטי'ק

No 60. ־אַטיוו — אַדי. ־אַציע — ,,די
אַ, פֿון דער אייגענער גאולה,,, א. ליפּינער, איך
פּסח תשכ,,ד. ־ירונג.
אַנטיציקלאָ'ן — דער, ־ען. (מעטעאָראָלאָ.

גיע) דאָס דרייען זיך פֿון ווינטן אַרום אַ
צענטראַלן שטח מיט אַ הויכן אַטמאָספֿערישן
דרוק. דער אַ, איז אין ריכטונג פֿון
זייגערווײַזער אין דער צפֿונדיקער העמיספֿער און
אין דער אַקעגנדיקער ריכטונג אין דער
דרומדיקער העמיספֿער.

אַ'צענטראַלי־ | אַ'צענטראַליסט
זאַציע | אַ'צערעמאָניאַל
אַ'צענטראַליזם

אַנטי'ק — דער, ־ן. < פֿויל & איי < ל פֿקפֿ:

אַנטיקל ←. 1. דאָס וואָס איז (קינסטלעריש
און איז) געשאַפֿן געוואָרן אין אַלטערטום,
ספּעצ, אין גריכנלאַנד און רוים. אַ סטאַטוע
אַן אַ'. אויך אַדי: די אַ'ע וועלט. אַ'ע זאַכן.
2. זאַך, חפֿץ, כּלי וואָס מע געפֿינט ווי
אַ רעשטל פֿון אַ (לאַנג־)פֿאָרגאַנגענער תּקופֿה.
די אַ'ן וואָס עס גיבן אונדז ד אַרכעאָלאָגישע
,
אויסגראָבונגען. אַ'ן פֿון שלמה המלכס צײַטן.
אַ מוזיי פֿול מיט אַ'ן. אַן אָפּזאַצמאַרק פֿאַר
אַ,־זאַכן. „דער זיידע פֿון אייגנטימער האָט
אראָפּגעבראַכט די אַ'ן“, סעג פֿון רוסלאַנד,
—
,

וואַרשע 1920. ״הענגט אַ לאָמפּ בײַ אונדז אין הויז, שפּריצט מיט שטראַלן דינע. אין דער וועלט אַזאַ אַ, שווער איז צו געפֿינען״, א. בו. קאָווין, מאָרגן־פֿרײַהייט, 4 □ l9 II □ l2.

3. דאָס וואָס איז אַלטמאָדיש און איז איצט שווער צו קריגן. ״דער הויפּט־האַנדל וואַר דאָרטן מיט אַלטע קליידער, מיט אַ'ן (אַלטמאָדישע און טײַערע זאַכן),,, אמד, ר, שמעון באַרבון □ ווילנע 1874. ,,היר האָט מאַן מיר געמאַכט צו פּריזענט 2 לײַבצודעקלען וואָס זענען אַנטיקעס״, ווז, בריוו [ב. וואַכשטיין פּש II].

4. דאָס וואָס איז אויסערגעוויינלעך, זעלטן, זייער (שיין און) טײַער. יקר־המציאות. אָפּט געניצט פּרעדיקאַטיוו. אַ בחור (מיידל) אַן אַ'. אַן אַ, אין דער וועלט! ,,אַלע בריליאַנטן און אַלע אַ'ן קענען דאָך מײַן האַרץ אַזוי פֿיל ניט דערקוויקן!,, פֿל. ,,אפֿשר ווילט איר נעמען פֿאַר איר אַ מלבוש, איז דאָ בײַ מיר הײַנט פֿײַנע סחורה, אַ'!,,, ממוס, ווינטשפּ. ״בראַנפֿן האָב איך גאָר אַן אַ'!״, דאָרטן. ״איז... די שול געווען שוין איינמאָל אַ זעענסווירדיקייט, אַן אַ, —

א שם־ד־ר“, ש. וויגאָדאַ פֿאָר, 28 1962 IX. ,,די
—
,
מומע זלאַטע, גיט... צו פֿאַרשטיין, אַז דער גאַנצער אַ, פֿון ר, מיכעלע זלאָטשעווער שטעקט דערין וואָס ער איז געווען אַ נסתּר,,, סמבֿ.

5. דזוו בּ4, איר. שוין איינמאָל אַן אַ'! זיך איַינשאַפֿן (אַ ווייַבֿ) אַן אַ'. ,,און קוים איז ער נאָר אַרייַנגעקומען אין שטובֿ האָט זי אים אַ פֿרעג געטאָן מיט איראָניע: וואו בּיסטו דאָס אַזוי שפּעט געווען, אַ, מייַנער?,,, זבֿ, דער קליינער כּל־בּוניק, אַדעס 1885. “'די יונגעלייַטלעך, בּרומט ער ליצנות, זיי זענען גאָר הייַנט אַן אַ'!'“, פּרץ, לידער און פּאָעמען. ,,אַ חסידישער מאַן דאַנקט ניט זייַן פֿרוי פֿאַר דערלאַנגען אים אַ גלאָז וואַסער. אַ גרויסער אַ,

אַנטיקאַטאָ'ד

אַ גלאָז וואַסער!,,, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. ,,די וואָס בּאַזינגען די... אַ'ן פֿון דעם טראַקטאָר,,, קאָר II. ,,ס'איז דאָך גאָר מיט אייַך אַן אַ', אַ טרייַאַטער כ'לעבן,,, דער לאָדזער סוחר, בּאַרדיטשעוו 1910. *אַ חכם גאָר א, פֿאַרדרייט פֿון חכם עתּיק.

— — —

6. דאָס וואָס האָט אין זיך אַ בּאַזונדערע שיינקייט, גרויסן ווערט. „בּילדער וואָס זענען שוין אַלט אַ 3000 יאָר און זענען נאָך עד־היום אַן אַ'“, דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, בּאַרדיטשעוו 1897. „אַ ספּרל... ווּעסטו זען ווי ער [דער מחבּר] פֿאַרענפֿערט דאָרט די ,מתיבֿתּא דרקיע, אַז עס איז טאַקע אַן אַ',,, קמ, 1868, No 4. „,... אויך וואָס זענען ווערט די אַלטע געשריבּענע אָ'ן וואָס הענגען אויף די הייליקע ווענט, דער גרויסער אָבֿינו מלכּנו', דער 'לדוד

,

מזמור'... אָדער די גרויסע ריזעדיקע אַזהרה...,,, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1898.

7. אויך אַדיעקטיוויש, אַדווערבּיאַל מיט בּבּ 4 — 6. אַ קאָפּ וואָס אַרבּעט גאָר אַן אַ.. „גוט, אַ מחיה. אַן אַ',, פֿוול [אַ, ווי דער סופּערלאַ,

טיוו פֿון גוט]. “עס איז אַן אַ, מיט אים,, —־. ס'איז וואונדערלעך. „דער שלאָף איז מחיה גאָר אַ', דערקוויקט, גיט צו געזונט אַ שטיק,,, ממוס, זמירות. „דײַן ענפֿער איז אַפֿילו אַ', דו

גיסט מיר דאָ אַ גוטן פּיק“, ה. קליבאַנאָוו, קול חדש, ווילנע 1908.

אַ'ן־אויסשטעלונג. אַ אַרטיקל. אַ'ן־גאַ,

לעריע. אַ'ן־געשעפֿט. אַ'ן־הענדלער. אַ'־מעבל. אַ'ן־סוחר. אַ'ן־קאָלעקטאָר. אַ'ןקויפֿער.

אַ'קאָאַגולאַטיוו אַ'קאָאַגולאַנט

אַנטיקאַטאָ'ד — דער, ־ן. (פֿיזיק) די פּאָזיטיווע פּלאַטע פֿון אַן עלעקטראָניש טרייַבל, וואוהין עס שטרעבן די עלעקטראָנען וואָס קומען פֿון קאַטאָד, און דאָס פּירט דערצו עס זאָלן אַרויסגעלאָזט ווערן אויסשטראַלונגען פֿון הויכער פֿרעקווענץ.

אַ'קאַטאַליסט אַ'קאַטאַראַ'ל

אַ'קאַטאָליציזם אַ'קאַטויליש

אַנטיקאַטעקסיס — דער. (פּסיכאָאַנאַליז) דער איבערגאַנג פֿון אַן עמאָציע אין אַן אַקעגנדיקער, פֿון ליבע צו האַס אָדער פֿאַרקערט.

אַ'קאָמונIיזם אַ'

קאָנסטיטו(־יסט, ־יסטיש) ציאָנע'ל

אַ אָמער ל.יזס יסט רמIיזס

,
אַ, אָמינט ר   אַ, אָנפֿ

-

אַ'קאָמערציעל   אַ'
קאַפּיטאַאַ   -   ליסטיש

אַנטיקאַריש — אַדי. וואָס פֿאַרהאַלט אָדער דערלאָזט ניט דאָס צעפֿוילן פֿון ציינער.
אַנטיקוואַ'ר — דער, ־ן. אויך: אַנטיקוואַריער. < איי < ל. 1. ווער עס זאַמלט אָדער שטודירט אַנטיקן. ווער עס האַנדלט מיט אַנטיק־זאַכן. אַ, פֿון ייִדישן מוזיי. „דער גאַנצער זאַל זעט אויס ווי אַ געשעפֿט פֿון אַ טײַערן אַ'„, דא, שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1910.

1553

2. ספּעצ ווער עס האַנדלט מיט אַלטע בּיכער און ספֿרים, מיט כּתבֿ־ידן. ווער עס איז אַ מומחה אויף אָט דעם געבּיט. קאָלעקטאָר פֿון זעלטענע בּיכער. „מע קוקט ווי אַ'ן אונטער קרומע שירעמס זיצן פֿאַרקויפֿן אַלטע אויפֿלאַגעס

פֿון זאָלאַ און ווערלען,,, מאָל פֿריידקע.

אַ'יאַניזס — פֿאָרשונג וועגן אַנטיקן.

אַ'יוס — דער, ־ס. אָרט וואו עס געפֿינען זיך, עס ווערן אויפֿגעזאַמלט (און אויסגעשטעלט) כלערליי אַנטיקן. געשעפֿט, גאַלעריע פֿון אַנטיקן. ,,לאָזט זיך [גיין] צו זײַן געשלאָסענעם אַ', וואָס איז אויפֿן 'מקום, נעבן דער אַפּטייק", ייִז, אַלט־שטאָט'.

אַ'יש, אַ'נע — אַדי. ,,ער האָט פֿאַרמאָגט אַ געוויסע אַ'ישע פּיקאַנטקייט, וואָס האָט אים באַלעבט און אַרויסגערופֿן צו אים... אַ געוויסן עקזאָטישן אינטערעס", י. שאַצקי, ייִבל I. "... טשאָלנט־טעפּלעך און קוגל־טעפּלעך אַ'נע, נאָך אַ ירושה פֿון עלטער־עלטערבאָבעס", דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881 ־ישקייט.

־נע — די, ־ס. דזוו אַ, יום. "דאָ אָבער בײַ אונדז איז ניט קיין מאָדנער מאַגאַזין — נאָר אַן אַ, פֿאַר דעם אַלטפֿעטערישן ייִדישן עולם,,, ממוס, שלמה.

אַנטיקוואַרג — דאָס, ־ן. נעאָל. צאָל,

זאַמלונג פֿון פֿאַרשיידענע אַנטיקן. „אַש האָט ליבּ
אַ'“, נאַד.
אַנטיקוויזירן — טרוו ־זיר, אַנטיקוויזירט.
.
נעאָל. מאַכן פֿון עפּעס אַן אַנטיק
פֿאַרעל.
טערן אין אויסזען. מאַכן אַז אַ זאַך זאָל
אויסזען ווי אַן אַנטיק. „ער האָט געזען די
וואונדערלעכע אַרבּעט פֿון אַ פֿאָלק וואָס האָט גענומען
אַ יונג לשון און עס בּכיוון פֿאַרעלטערט און
אַנטיקוויזירט„, יג, איק, 20 1967 I ־ונג.
.
אַנטיקוויטע'ט — די, ־ן. 1.
אַלטערטימלעכקייט. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן אַנטיק. 2. צײַט
פֿון אַלטערטום.
אַנטיקל — דאָס, ־עך פֿקפֿ פֿון אַנטיק ←,
.
ספּעצ בּבּ 4 — 6 פֿטמ. געניצט אַרויסצוהייבּן
.
אַז עס איז ניט קיין געוויינלעכער אַנטיק, נאָר
עפּעס גאָר פֿון אַ הויכער מדרגה. אָפֿט איר.
כאַפֿן, קריגן, אַרײַנבּאַקומען אַן אַ'. ־—. האָבּ
איך פֿאַר אײַך אַן אַ, פֿון אַנטיקן־לאַנד“. „
סקווירע... מיט אַלע אירע אַ'עך„, שע, סטעמפּעניו.

„מ'האָט פֿאַר אים וואָס ער דאַרף, אַן אַ, און אַזוינס ווי אַזעלכעס“, נס. „שדכנים האָבּן זיך אַזוי לאַנג געמוטשעט, בּיז זיי האָבּן געפֿונען אַזאַ תּכשיטל, פּשוט אַן אַ'„, ז. מוירער, זיי נישט קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. „עס איז נאָך נאָכאַלעמען נישט אַזאַ יקרות־אַ'„, מלה II, 'קעניג שלמה'. “דערציילן זיך מעשׂיות וועגן שטיינער, אַ'עך און אימיטאַציעס„, ייִז, פּערל.

אַ'קלאַסיש אַ'קלאַסנדיק

אַ'קלאַסן—

אַנטיקלימאַ'ק ס — דער, ־ן. דאָס וואָס איז אין קאָנטראַסט צום קלימאַקס. גיכער פֿאַל פֿון אינטערעס. מיטאַמאָליקער אַראָפּפֿאַל פֿון געשפּאַנטקייט. אַראָפּפֿאַל אין חשיבֿות, אין

אַנטיקרי'סט

קוואַליטעט. דער אַ, צום סוף פֿון דער פּיעסע.

־טיש, ־סיש — אַדי.

אַ'קליניש

אַנטיקלעך — אַדי. וואָס איז ווי (פֿון) אַן אַנטיק. וואָס האָט דעם ווערט. די קינסטלערישקייט פֿון אַן אַנטיק. „בּײַ מײַנע עלטערן...

האָב איך פֿיל פֿאַרשידענע אַ'ע קאַרטינעס געזען", בֿ. זילבֿערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885.

אַ'נטיקלעריקאַ'ל — אַדי. וואָס איז קעגן (איז קעגנעריש צו) דעם קלער. וואָס איז קעגן דער השפּעה פֿון קלויסטער. אַ'ער אויפֿרוף. אַ'ע באַוועגונג. „זיי האָבן איבערגענומען... נישט נאָר זייערע אַ'ע מיינונגען, נאָר אויך זייער קוק אויף ליטעראַטור", שנ, ייִד, שרײַבער אין סאָוו, פֿאַרבאַנד ־יזם — דער. אויך:

▯

־יש — אַדי.

אַנטיקמאָרע — די. טצ נבֿ. < איי < פֿר. אַלטפֿרענקישער, שווערער שטאָף פֿון וואָל, געניצט אויף פֿרויענקליידער, פֿ[אָרהאַנגען אאַ

-

אַנטיקמאָרען — אַדי. „נעבן אים זיצט די מאַמע, די מלכּה, מיט דעם אַ'עם קלייד", ש▯, 'דער פֿאַרשטערטער פּסח'.

אַנטיקן־גרין — אַדי. טונקל־גרין, אָן אַ גלאַנץ. אין אַן אַ'־ג'עם קלייד. אַ'־ג'ע קישעלעך אויף דער קאַנאַפּע.

אָנטיקען — ־קע אָן, ~געטיקעט. אוטוו —

רעדן און טיקען דערבײַ מיט אַ פֿינגער.
אָנווײַזן מיט אַן אויסגעשטרעקטן פֿינגער. אָ, אויף
עמעצן. „טיקע מיר ניט אָן, איך בין דיר
גאָרניט שולדיק“. טרוו — אָנוואַרפֿן אין
אומאָרדענונג. אָ אַ גאַנצן באַרג זאַכן —ענייש.

אַנטי'קע(ר) — אַדי. < איי < ל. [אָן אַן
ענדונג ניטאָ, ווערט פֿון דעם אַ סוב.] 1. וואָס
איז פֿון (האָט אַ שײַכות צו) אַמאָליקן
גריכנלאַנד און רוים. קלאַסיש. אַ, סקולפּטור,
ליטעראַטור. „דער אַ'ר גריך האָט באַצייכנט אַלע
אַנדערע פֿעלקער אַלס 'באַרבאַרן'“, גרינ, איד
און וועלט, נ"י 1953. 2. וואָס איז אין סטיל
פֿון אַ פֿריִערדיקער לאַנג־פֿאַרגאַנגענער עפּאָכע.
אַ, דעקאָראַציעס. אַן אַ, מנורה. 3.
קדמונותדיק פֿאַרצײַטיק. אוראַלט. „די אוראַלטע
קלײַ.
דער פֿון די אַ, פֿעלקער זײַנען זייער איינפֿאַך
לויטן שניט“, יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט,
קיִעוו 1925. “גרין־גראָז אין שויס פֿון אַ,
געטינס באַווײַזט, אַז דער רעגן האָט
טעמפּעראַמענט„, עק, איוואַן גאָל.
אַנטיקערפּער — דער, ־ס. אַ פּראָטעאין
וואָס איז אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן פֿאַראַן אין

סערום פֿון בלוט אָדער ווערט פּראָדוצירט, סטימולירט פֿון אַן אַנטיגען, כּדי גובֿר צו זײַן דעם גיפֿט פֿון דעם אַנטיגען.

אַנטיקריי'סט — דער, ־ן. (קריסטלעכער באַגריף) שׂונא פֿון יעזוס קריסטוס. טײַוול. געפֿערלעכער אַפּיקורס.

איבער דעם אַלטן אויסלייג אויך: אַנטיקרישטו. „די רשעים פֿון די אומות־העולם, די גרעסטע אויסוואורפֿן, וועלן קומען צו דעם שטיין, ליגן בײַ אים, זיך וואַרעמען,... וועט

אַנטיקריסטלעך

דער שטיין צעפּלאַצט ווערן און ס'וועט אַרויסקומען אַ רשע־מרושע. און דאָס וועט זײַן אַרמילוס דער שׂטן, וואָס די אומות־העולם רופֿן אַ"", אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער.

־יי'זס — דער. מצ נבֿ. קעגנערשאַפֿט צו קריסטוס, צום קריסטנטום. „ערשט שפּעטער האָ ן [די דײַטשע קריסטלעכע מאָנאַרכיסטן] זיך געכאַפּט, אַז דער ראַסיסטישער אַנטיסעמיטיזם אין אויך אַ"", ייִבל 76 ,XXIX.

אַנטיקריסטלעך — אַדי   וואָס איז קעגן
קריסטן, קעגן קריסטלעכן גלויבן. „די אַ'ע און
באַסורמאַנישע אָרדע, וועלן פֿאַר די לײַדן פֿונעם
גלויבן און פֿון די גלויביקע מיט די קעפּ
אויפֿן שאַנד־ און קעפּונג־אָרט באַצאָלן“, נס,
הויפּטשטעט, מאָסקווע 1934.
אַ'ראַדיקאַל(יזם) אַ'רויט
אַ'ראַכיטיש   אַ'רוסיש
אַ'ראָמאַנטיזם   אַ'ריטואַ'ל
אַ'ראָמאַנ—   אַ'ריטואַל יזם
טיש(קייט)   (־יסט)
אַ'ראַסי'סט   אַ'רעאַליזם
אַ'ראַציאָנאַ'ל   אַ'רעאַליסט(יש)
אַ'ראַקעטן   אַ'רעוומאַטיש
אַנטירעליג יעזניק, אָזניק — דער, ־עס.
י

וונ ־ניצע, ־ס. סאָוו   ווער עס באַקעמפֿט
רעליגיע.
אַ'רעליגיעז־   אַ'
רעפּובלי(קייט)   קאַניש
אַ'רעמאַט יק

(־יש)

אַנטירשענען — [... יאַרשענען] טרוו י'
ירשן, ~ירשנט. דזוו אַנטאַרבן.

אַנטישאַמבער — דער, ־ס. < פֿר. פּפֿ:
אַנטעשאַמבער. קאַרלינער ווב. וואַרטצימער.
פֿאָדערצימער, קאָרידאָר.

אַנטישאַרוואַרקיש — אַדי. סאָוו. וואָס
איז קעגן שאַרוואַרקעס, צוואַנגאַרבעט און אויך
טראַנספּאָרט־פֿליכט. „אַ'ע פּאַרטיי־לאָזונגען„,
נ. קאַבאַקאָוו איבז, ל. יאַקאָוולעוו,
מײַרעווויַטרוסלאַנד, מינסק 1931.
אַ'שטאַט

אַנטישטאָ — דער, ־ן. דזוו
אַנטימאַטעריע .
אַ'שטײַעריש

אַנטישלומדיק — אַדי. וואָס איז קעגן
שלום. „דיווירקלעכקייט האָט ער געזען, איז
אַן אַ'ע„, הל, נײַע ייִדישע צײַטונג, 1953 ו 17 I.
־יקייט.

אַנטישמד — [... שמאַד] דער. מצ נב. דאָס
וואָס איז קעגן שמד; וואָס נעמט אָן מיטלען,
שטעלט זיך קעגן, פֿאַרהיט פֿון שמד. אַ'־
אַרבעט. "די שמד־באַוועגונג פֿאַלט אָפּ [אין וויך] און

מיר האָבן לעצטנס זוכה געווען צו הערן פֿון
דר, גידעמאַנס מויל אַליין... איינטרעטן פֿאַר
אַן אַ'־ל י ג ע ,, , רעד, משה פּראָסטיג, יו
דישער קאַלענדאַר לשנת תּרע״ב, לעמבּערג
.1911

1554

אָנטישען זיך — אוטוו. ־שע זיך אָן, זיך .,

געטישעט. אוקר. [ו [שiר a]: . < . אַ
לענגערע צײַט אָנקוועלן; אָנפֿרייען זיך מיט עפּעס
(עמעצן). זיך אָנקוויקן, זיך אָנליובּוּיען, זיך
אַנזעטיקן מיט קוקן אויף עפּעס (עמעצן). שעפּן
נחת, האָבּן הנאָה פֿון עפּעס (עמעצן). ,,בּעת
זייער בּאַגעגעניש האָבּן זיי זיך גאָרניט גענוג
געקענט אָ, איינער אין (מיטן) צווייטן״. ,,איך
וועל מיך שוין אָ,, אָנשפּיגלען אין מײַן
מעסערל״, שע, 'דאָס מעסערל'. ,,נאָך איידער
מ'האָט זיך רעכט אָנגעטישעט מיט דער
פֿרײַהייט״, אָשעראָוויטש, שטעט און שטעטלעך
אין אוקראאינע. ,,אַבֿרהם שנײַדער האָט זיך
ניט געקענט אָ, אינעם שטיקל שעוויאָט און
אין בּרוכן״, ח מעלאַמוד, סאָוו, היימלאַנד,

5 1963, No. פֿרגל אָנטיעשען זיך.
אַ'שפּאַניש

אַנטכישוסן — [... קישעפֿן] טרוו. ~כּישוף,
~בּישופֿט. נעאָל, רחל קאָרן בּאַפֿרײַען,
אַרויסנעמען פֿון אונטער אַ כּישוף. מאַכן מע
זאָל ניט זײַן פֿאַרכּישופֿט. אַ, די יוגנט וואָס
איז פֿאַרזונקען אין אַ פֿאַרפֿירערישער אוטאָפּיע.
־ונג. דער אַנטבּישופֿטער.
אַנטכיליען — אוטוו ־ליע, ~כיליעט. (
קלעז.
מער־לשון) < אַנט + כיליען, בּלײַבּן אויף אַן
אָרט. 1. אַוועקגיין. דערווײַטערן זיך.
אַוועקהולכן. 2. אַנטלויפֿן. אָפּטראָגן זיך. מאַכן
אַ ויברח. אַנטרונען ווערן. אַ, פֿון דער פּאָליציי.
אַ, פֿון שטאָט.
אַנטל — דער, ־ען. פּפֿ: אָנטל, בּעס, רומ.
ויך: אַנטאַליק. < אונגערישן וואָרט an a1
אַ מאָס פֿאַר ווײַן, אַ פֿעסל וואָס האַלט 60 פֿלאַש
ווײַן. סתּם אַ פֿעסל אויף ווײַן. אַ'ען ווײַן

אין קעלער. אויסטרינקען אין איין חודש אַ
גאַנצן אָ, ווײַן. „אַרבעט איז דאָ שטענדיק...
רײַסן ווײַנטרויבן, ווײַן צו טרעטן, היטן אָ'ען
(פֿעסער מיט ווײַן אָדער פֿון ווײַן)“, ייִפּאָל,
34 1885, No. „שפּאַרט ער אין קעלער אונטער
דעם אָ'“, אפֿא, לויטער... קוואַל. „קומען
בעסאַראַבער קרעטשמאַרעס און סוחרים פֿון ווײַן,
מיט בײַכער ווי פֿעסער, פֿנימער ווי רויטע
פּאָטליזשאַנעס, און זאָמען זיך וואָכן און האַנדלען
אײַן אָ'ען מיט ייִן“, יוסף טראַכטנבערג, אויף
בעטאַראַבער ערד. „אַרײַנגיסן אין נײַע אָ'ס
דאָס ליד, ווי ברויזנדיקן ווײַן“, פּײַנ, חבֿר לעבן,
1938.

אָנטלאָטשען — טרוו ־טשע אָן, ~
געטלאָ.

טשעט. אָנפֿאַקן, אָנשטאָפּן (אין אַן
אומאָרדענונג). אָ, אין זאַק וועש און בעטגעוואַנט.

אַנטלאַנג — אַדוו. לענג־אויס. איבער דער
גאַנצער לענג. „איינער אַ הויקער גייט אום
מיט אַ דראָנג אַ, דעם בולוואַר“, אצג
פֿאַר,
נאַכטנגאָלד.

אַנטלאַסטן — טרוו ~לאַסט, ~לאַסט.
באַפֿרײַען פֿון (אַ) לאַסט. אַראָפּנעמען,

אַוועקנעמען אַ לאַסט. „עס וואָלט נישט געווען ריכטיק צו אַ, די שול פֿון יעטוועדער שולד„,
י ראָטנבערג פֿאָרויס, מעקסיקע, יולי 1963.
,

אַנטלוי [

אַנטלאַסן — טרוו. ~לאַס, ~לאַסט. דטשמ. נר.
lassen en: . באַפֿרײַען. אָפּזאָגן, אַוועקשיקן פֿון אַ שטעל. [בעת דער ערשטער וועלטמלחמה פֿאַרשפּרייט איבער פּוילן. אויך אין ב אַליסטאָק און אומג„.] אַ, פֿון דער אַרבעט.
י
אַ, פֿון דינסט. [בײַ יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פֿיורדא תּקל״ד — ענטלאזן — באַפֿרײַען פֿון אַ התחייבֿות.]
אַנטלאָפֿן — אַדי, פּאַר אַנטלויפֿן ←. אַן אַ'ענער פֿון קאַטאָרגע. אַן אַ'ענער סאָלדאַט. א'ענע פֿון אַלע אומגליקן. אויפֿזוכן ד אַ'ענע
— י
מאַנען. אַ'ענער אָנזעצער. אַ'ענער הונט. צוריקברענגען ווי אַן אַ'ענעם חתן. „איך בין ניט קיין אַ'ענער, איר קענט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן“ וול. „דער מלך... האָט געהייסן

אויס,
רופֿן אין אַלע מדינות אַז וואו עס געפֿינט זיך
ערגעץ אַן אַ'ענער אָדער פּאַרטריבּענער זאָלן
ז אַלע קומען אויף דער חתונה“, נחב, 'מעשׂה
יי
ממלך וקיסר'.   ־ענערהייט.
אַנטלאָפֿן ווערן — נייטראַל פּטמ.   דזוו
.
אַנטלויפֿן ←. פֿלוצעם ווערט ער אַ'. “אויף
מאָרגן אינדערפֿרי, דער פּאַסטעך בלאָזט זײַן
האָרן; איך מיט דיר, מײַן טײַער־לעבן, אַ,
געוואָרן“ פֿל. „און ווען עס זאָל דיר אַנפּלעקט
,
ווערן מײַנע בייזע מעשׂים... וואָלסטו פֿון מיר
אַ, געוואָרן“, חה, ב, 95. “האָט אַ קנעכט
געגנבֿעט אַ ים געלט און טײַערע זאַכן און איז...
אַ, געוואָרן אין קאָרדאָן אַרײַן“, יפּ. „האָבן זיי
אונטערגעגראָבן דאָס תּפֿיסה־הויז און זענען
אַ, געוואָרן“, נצ2, כו/ב. „וו א אַ יעגער וואָס
,

יאָגט נאָך איינעם אונטערגעשאָסענעם הירש
וואָס איז א, געוואָרן“, אמד, קאַרטוכע, ווילנע
-

.1878

אַנטלאַרוועַן זיך — אוטוו. ~לאַרוו זיך, זיך ~לאַרווט. (אין מעטאַמאָרפֿאָז פֿון אינזעקטן) אַרויסקומען פֿון צושטאַנד פֿון אַ לאַרווע, פֿאָפּקע, טעקעלע (און ווערן אַ פֿלאַטערל). ־ונג.

אַנטלויבן — טרוו. ~לויב, ~לויבט. צוריקציִען לויב(ווערטער). ריידן שלעכטס אויף עמעצן וואָס מע האָט פֿריִער געלויבט. „איר האָט אים אויסגעלויבט ביז אין הימל אַרײַן, אָבער ווי נאָר ער איז געוואָרן אײַער פֿאָליטישער קעגנער, זוכט איר אים צו אַ„,.

אַנטלויגן — פּאַר. לאַקל אַנשטאָט אַנטליגן. “איך האָב אַ שפּרונג געטאָן צו דעם גלח, איך האָב בײַ אים אַ אַ סאַמאָוואַר„, דער אַקציזניק,

,

זשיטאַמיר 1868.

אַנטלויזן — טרוו. ~לויז, ~לויזט. פּפֿ □

~לײַזן.1ausen □ □e: □ □ .. מאַכן עס זאָל מער ניט זײַן קיין לײַז; אויסרייניקן פֿון לײַז. אַ, די בגדים. אַ, די פֿליטים, געפֿאַנגענע אע. מיט ז י ך. ־ונג. אַ'ונג־אַנשטאַלט.

אַנטלוינען — טרוו ~לוין, ~לוינט. צונעמען, צוריקציִען אַ באַלוינונג. „איר פֿירט

זיך אויף אַזוי אַז עס פֿאַרדריסט וואָס איר זײַט
באַלוינט געוואָרן. אייגנטלעך דאַרף מען אײַך
אי□ט אַ''.
אַנטלוי□ — דער, ־ן. אַקט פֿון אַנטלויפֿן.
אַ, פֿון תּפֿיסה. אַ, פֿרן די קרעדיטאָרן. אַ, פֿון

אַנטלויפֿונג

דער היים פֿון שטאָט. ,,נאָר דו האָסט מיר מוחל
,
געוועג דעם אַ, און ברויט מיר געטראָגן אויו
ווײַט פֿון דײַן הויף,,, סוצ פֿעסטונג. ,,אויסמיש
,
ווערט אַ וואָכעדיקער פֿאַקט אָן שום אַ אָדער
□,

קאַריערע־מאָטיוון'', צײַט, טמז, 22 1965 I. אַ'־
באַוועגונג. אַ'־מאָטיוו. אַ'־פּאָעזיע. אַ'־
פּלאַן.
אַנטלויפֿונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אַנטלויפֿן. אַנטרינונג. אורח, 44 פֿאַרטײַטשט
,
ומנוסי, (שמואל ב, כב, 3): ,,און מײַן

ענטלויפֿונג,, [תּי: ,,און אַנטרינונג“] פֿאַר אים

. ,,...

[פֿאַר דעם ווײַטן וועג צום אַנדערן עולם] איז ניט פֿאַראַנען קיין אַ',,, חה. 2. אָרט וואוהין מען אַנטלויפֿט. אָרט זיך צו ראַטעווען. דער (דאָס) צו וועמען (וואָס) מען אַנטלויפֿט. ,,עס זאָל אויפֿגיין פֿון אָוונט אונדזער אַ, וואָס מיר אַנטלויפֿן צו גאָט און בּאַשיצן זיך אין אים בּעת צרה“, קרבּן אַהרן, ווילנע תּרכ,,ח. ,,[גאָט] איז אַן אַ, פֿאַר מיר“, תּניא, 160.

אַנטלויפֿן — אוטוו. ~לויף, בּ י ן ~לאָפֿן.

[וועגן ה אָ בּ ← אויסלויפֿן, ז, 265, אָבער נאָך זעלטענער.] פֿטמ: אַנקלויפֿן.:M d

פֿאַרלאָזן אַן אָרט לויפֿנדיק .ent. 1־lou en אָדער מיט גיכע טריט; דערווײַטערן זיך לויפֿנדיק. אָפּציִען. אַ, פֿ ו ן פֿאָליצ אַנט. אַ, פֿון

י

די כוליגאַנעס. כאַפּן די פֿיס אויף די פּלייצעס און אַ'. *עס איז ניט קיין ציג, עס וועט ניט אַ, = א) עס איז ניט אַזאַ טײַערע זאַך, ניט קיין גרויסע מציאה; קיינער וועט עס ניט צונעמען, אַוועקכאַפּן; בּ) ס'איז ניט אַזוי וויכטיק, ניט דרינגענדיק; מע קען עס אָפּלייגן אויף שפּעטער. *אַ, מיט דער לבֿנה (אוקר, רומ) =

אַ, גיך. אַ, וואו די וועלט האָט אַן עק. וואו וועסטו אַ'? סײַדן אין דרערד. אַ, קיין האָצעפּלאָץ. „בין איך געשטאַנען בײַ מײַן פֿאָטער אויפֿן הויף, גיט מען אַ געשריי: יונגערמאַן אַנקלויף!‟, פֿל. „דער אמת האָט פֿיס, איז ער אַנטלאָפֿן; דער שקר האָט ניט קיין פֿיס, איז ער דאָ געבליבן„, שוו [פּאַראַלעל צו: 'קושטא קאי, שקרא לא קאי', שבת, קד/א]. „טוט מיר ולוקש אויף אונ, לושׂט מיך איין ווען [= פֿון] מקאבּרון בּין איך אַנטלופֿן‟, בּבֿא־בּוך, 421. „דא שפּראַך אַך דער שטיין בּאָק צום איין האָרן: בּלד קום, מיר וועלן אַ, אין דען וואַלד„, ספֿר משל הקדמוני, פֿפֿאָ חש„ד [ייִבּל XIII]. „זיי אַ, כאָטשע קיינער יאָגט אַ הולטײַ נישט נאָך„, מם, משלי תּקע״ד, כח, 1. ״אַזוי ווי די שדים אַ, פֿאַר 'ויהי נועם', אַזוי אַ, זיי [די רשעים] פֿאַר דבֿרי־תּורה„, ר, משה בּר, נתן נטע איבּז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „אונדזער בּאַשיצער איז ניט טויט־לעבּעדיק אַנטלאָפֿן, צוגעהאַלטן מחילה די אָפּגעשפּיליעטע תּחתּונים מיט איין האַנט„, ממוס, מסעות. „אַנטלויף מײַן געליבּטער!... און זײַ געגליכן צו אַ הירש‟, שע, 'שיר־השירים'.

2. (אין אײַלעניש, אויפֿגערעגטערהייט)

אַרויסלויפֿן. אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר און אַ, פֿון
שטוב. אַ, פֿון אַ קריגערײַ אין הויז. אַ, פֿון
אַ טומלדיקער פֿאַרזאַמלונג. „אַז דאָס קינד
ווערט אַלט פֿינף יאָר, דענמאָלט איז צײַט אים

1555

אַ רבי צו דינגען, אָבער נאָך פֿינף יאָר איז
שוין ניט גוט, דען אַז ער וועט הערן אַ שלעכט
וואָרט פֿונעם רבי וועט ער אַ'“, לט2, פֿב/ב.
„[זי] וועט זיך קיינמאָל קיין מאַן נישט
איבערגעבן, ביז דער פֿאָטער און מוטער פֿון וועלכע

,

ז אַנטלויפֿט, וועלן נישט נעמען דאָס
אונטערי
פֿירנס“, אָפּאַ, היברו.
3. אומבאַמערקט, אויף אַ געהיימען אופֿן
פֿאַרלאָזן אַן אָרט דורך (אַוועק)לויפֿן, (אַוועק)־
פֿאָרן אע. אומבאַמערקטערהייט אַרויסגנבֿענען
זיך, אַרויסרײַסן זיך, אַרויסדרייען זיך פֿון
ערגעץ און פֿאַרשווינדן. אַ, פֿון ▯ פּיסה. אַ, פֿון
עטאַפּ פֿון פֿאַרשיקונג. אַ, פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט.

,

א, פֿון געטאָ פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער.

—

,,... זיא מאַכין זיך איין גרובּ און, גראבּין
זיך אונטר און, אַ, אַוועק,,, נצ1, יט/ב. ,,... און,
ער ווער מיט זײַן וואונדן אַנטלאָפֿן גלײַך איין
אונזינגר מענש בּיז אין די וואושׂטי נײַא
מרשה,,, יוסיפֿון פֿיורדא 1764, מג/ב פֿון די

,, . ,

קייטן... וועל איך סײַווי נישט אַ,,,, ווײַס I י,
'ווי דער גורל פֿירט'. "ס'איז ניט צו פֿאַרשטיין
פֿאַרוואָס [די תּפֿיסה־מײַז] אַ, נישט פֿונדאַנען,
פֿאַרוואָס זיי ווילן דווקא זײַן אין איין
תּפֿיסהקאַמער מיט דעם שטילן, ווילד־פֿאַרוואַקסענעם
מענטש", צײַט, 'די תּליה'.
4. פלוצלונג פֿאַרשווינדן. נעלם ווערן. זיך

אָפּטראָגן. ניט ווערן. דער חתן איז אַנטלאָפֿן
פֿון אונטער דער חופּה. אַנטלאָפֿן דער פֿויגל!
,,והילד איננו! — ניטאָ. אַנטלאָפֿן, פֿאַרשוואונדן,
ווי אין וואַסער אַרײַן". אַ, ווי פֿון אונטער די
הענט. דער הונט האָט זיך אָפּגעריסן פֿון קייט
און איז אַ'. ,,מע גיט זיך אַ כאַפּ: ניטאָ! דער
אורח איז אַנטלאָפֿן". אַז דער הונגער קומט
אַרײַן דורך דער טיר, אַנטלויפֿט די ליבּע דורכן

פֿענצטער", שוו. "קינדער ווי פֿייגל אַ, פֿון
נעסט", שוו. „ווער עס וויל נאָר הערן, וואָס אין
לידע האָט געטראָפֿן: בײַ קאָפּלמאַן דעם
שענקער איז פֿייגעלע אַנטלאָפֿן„ ל. „ווען איך
,
וואָלט דאָ די משקה ניט אָנגעטראָפֿן, וואָלט איך
פֿון דער חופּה בּאַלד אַנטלאָפֿן„, גאָר, די בּאָרד.
„די שווערד האָט דרײַ כּוחות — אַז מע הייבּט
זי אויף, אָ, אַלע שׂרים פֿון די חילות„, נחבֿ,
'מעשׂה מבּעל תּפֿלה'. „איך וועל נאָר וואַרטן
אַ בּיסל בּיזוואַנען עס וועט רעכט טאָג ווערן,
דענסטמאָל וועל איך פֿון איר אָ, וואוהין די
אויגן טראָגן", ממוס, קליאַטשע. *אַ, וואו דער
(שוואַרצער) פֿעפֿער וואַקסט = אין אַ ווײַט אָרט,
אַפֿילו אין אַן אָרט וואו עס איז שלעכט.

—. ווייסטו דען ניט, אַז ווי נאָר ער האָט
דערזען אַז דו קושסט זיך מיט אַ 'דײַטש', איז
ער בּאַלד אַנטלאָפֿן וואו פֿעפֿער וואַקסט„, יק.

5. ספּעצ. מאַכן פּליטה, מאַכן אַ ויבֿרח א -
בּער אומאָרנטלעכע, טונקעלע געשעפֿטן. עוֹקר
זײַן איבּער ניט קיין שיינע מעשׂים.
בּאַשווינדלען אַ האַלבּע שטאָט און אַ'. אַ, מיט קהלשע
געלטער. אַ, מיט דער קאַסע. אָנזעצן און אַ,

איבער דער גרענעץ. *אַ, מיטן גלאָק = זיך
אויף גיך אָפּטראָגן איידער מע צעקלינגט די
געשיכטע וועגן עמעצנס שלעכטע מעשׂים.
"הייבט דער סמאָטריטעל אָן צו שרײַען... און

אַנטלויפֿן

דער פּאָדראַטשיק אַנטלויפֿט מיטן גלאָק,,, אבג,
גלגול, וואַרשע תּרנ,,ו. אַ, מיטן פּויק =
אָנ
זעצן און אַנטלויפֿן [מע פֿלעגט פּויקן פֿאַר
דער טיר פֿון אַן אָנזעצער]. ,,קומען זיי אָבער
גלײַך, פֿונקט אין מיטן טײַך, און דער שיפֿער
קערט אום די שיף... און הייבט אָן געשווינד
צו אַ,,,, מעיאַטאָר.
6. דעזערטירן. אַ, פֿון שטעלן זיך צום
פֿריזיוו. אַ, פֿון סאָלדאַטן פֿון מיליטער. אַ,

,
פֿון פֿראָנט.
7. אָפּטרעטן אין אַן אומאָרדענונג. זיך
צוריקצ ען אין אײַלעניש, כּמעט ווי לויפֿנדיק.
,,די גרויסע מאַסע פֿון דער אַרמיי איז...
געגאַנגען... נאָך די טריט פֿון אַ'דיקן שׂונא, וואָס
האָט גערוזנעט אויף די בלאָטיקע וועגן,,, נ.

לוריע, בריקן ברענען כאַרקאָוו 1929.
8. איבער פֿאַרשיידענע סיבות (שלעכטע
לעבנס־באַדינגונגען, אומדערטרעגלעכן מצבֿ,
מורא, נגישות אע) פֿאַרלאָזן אַ (וואוינ)אָרט.
אַוועקפֿאָרן אויף שטענדיק. אַנטרינען פֿון אַ
סכּנה. א, פֿון פֿאָגראָמען פֿון אומרוען. אַ, פֿון
—
,
אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים. אַ, פֿון לאַנד איבער
דוחק אין חיונה, איבער רעכטלאָזיקייט. אַ, פֿון
אַ שמוציקער געגנט. „אַז מען אַנטלויפֿט פֿ אַ ר
פֿײַער, באַגעגנט מען דאָס וואַסער„; „מען
אַנטלויפֿט פֿון רעגן, באַגעגנט מען האָגל“; „אַז מען
אַנטלויפֿט פֿ ו ן פֿײַער איז פֿורגעלט ניט
טײַער“. פֿ אַ ר ברויט אַנטלויפֿט מען ניט“;
 „
פֿון שלימזל קען מען ניט אַ'„„שוו. „איין יהודי
„
איז נאַקיט אנטלאפֿין אויש דעם וואַשיר הנקרא
פּרו“ט“, 'שו„ת מהרש„ל„ לובלין 154 [הש I].
„ווישׂט דז דר שׂר האָט ליפּמן כּמעט כּל אַשר
לו אַוועק גינומן אונ, זײַן מוטר אונ, שוואָגר
זײַן אַ, קען הדיל בּרג [הײַדלבערג]“, פּראָגב,
16. “(מזמור) דאשׂ קמיטל ווײַטר וואַר איין

גיזנג צו דוד אין זײַנום אַנטלופֿן פֿר זײַנום זון אבֿשלום", סהמ, תּהלים, ג, 1. "עשׂ איזט מיר גנגין אַלישׂ וויא יענים דער דאַר האָט וואָלין פֿאַר דען מלאך המות אנטלאפֿין", גה, 307. "הש"י האָט מיך מציל גיוועזן אונ מיר גיהאָלפֿן אַז בין אים אַנטלאָפֿן אונ אנטרונן. וואו ער מיך גיזוכט האָט, האָט ער מיך ניט גיפֿונן,,, עיון, הקדמה. ,,הש,,י קאַן מן ניט אנגין אַדר אַנטלופֿן אַדר אויש ווײַכן, ער קאַן אים פֿינדן אַלי צײַט", עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק י, 3. "אַ טייל האָבּן זיך געוואָלט לייזן [= אויסלייזן] מיט געלט, נאָר זיי זאָלן לעבן בּלײַבּן, אָבּער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן, נאָר ווער עס האָט געקענט אַ, איז אַנטלאָפֿן", מע□tה אומן פֿיל יהודים

,, .

זענן אַנטלופֿן אין די הײַזר פֿון די שׂרים אונ הבּין זיך דורט בּהאַלטין,,, שי, כ/א. ,,פֿאַר דער השׂכּלה פֿלעגט מען לײַדן גלות, אַ, פֿון טאַטע־מאַמע פֿון שווער און שוויגער, זיך וואַל—   ,

גערן ערגעץ אין דער פֿרעמד,,, ממום, 'בּישיבֿת של מטה'. ,,אַנטלויף, אַנטלויף כּל־זמן דו קענסט, וואָס שנעלער גיי אַוועק!...,,, רובּ,

חורבן פוילן.

9. זיך אָפּזונדערן, זיך אָפּשליסן, זיך צוריקצ עןָ. אַ, פֿון מענטשן. אַ, !ון דער וועלט. אַ,

אַנטלויפֿן

פֿון דעם טומל, פֿון הו־האַ. אַ, פֿון דעם שטאָטישן לעבן. אַ, פֿון דער ציוויליזאַציע. *אַ, פֿון דער ווירקלעכקייט = ניט וועלן זען וואָס עס טוט זיך אַרום. „אַ, פֿון זיך אַליין קען מען ניט“, “עס איז ניט צו אַ, פֿון הײַזער און הייפֿן„, שוו. “כּבֿוד איז וו אַ שאָטן: וואָס מער

י

מע לויפֿט אים נאָך וואָס ווײַטער אַנטלויפֿט ער“; פֿאַר אומכּבֿוד אַנטלויף, אָבער דעם

„

כּבֿוד לויף ניט נאָך“, “פֿאַר רכילות און סודות אַנטלויף ווי פֿון שדים“ פֿאַרן טויט קען מען

„

זיך ניט באַהאַלטן און פֿאַר סכום [= קהילהשטײַער] קען מען ניט אַ'“, שוו. „אַז דו זעסט מענטשן וואָס ווערן זיך צעקריגן, אַנטלויף פֿון זיי“, קה. “ווען ווײַבער זענען אַליין, זאָל דער בעל־תּשובֿה... אַ, און זאָל צומאַכן די

אויגן, כּדי ער זאָל ניט קומען צו אַ הרהור,,,
פּוקח־עוורים, שקלאָוו 1832, אות י“ז. ,,וועלט,
וועלט, וואוהין אַנטלויפֿט מען פֿון דיר?!“,
קאָצקער רבי [טמז, l968 I l4]. אַ, אין דער
קרענק = ווען מען קען זיך קיין עצה ניט
געבן אין שווערע באַדינגונגען, זיך מאַכן
קראַנק.

1O. איבעררײַסן מיט עפּעס (עמעצן). ווײַכן,
אויסמײַדן. אַנטלויף פֿון (פֿאַר) אים פֿאַר אַ
מײַל. אַ, פֿון אַ שלעכטער פֿרײַנדשאַפֿט (
געזעלשאַפֿט). אַ, פֿון אַ שלעכטער שותּפֿות. אַ, פֿון
א גערעדטן שידוך פֿון אַ שלעכטן געשעפֿט
— .
רײַס אָפּ אַ פֿאָלע און אַנטלויף“, שוו. “ער האָט
אַלץ געהאָפֿט, אַז ער וועט מאַכן אַ געשעפֿטל,

און דאָ זעט ער די סוחרים אַ, גאָר פֿאַר אים“,
ממוס, אין אַ שטורם־צײַט.

11. גיך פֿאַרבײַגיין, אַוועקרוקן זיך.
אַוועקגיין. די צײַט אַנטלויפֿט. ,,אַזוי אַ, די שעהן
אין דעם טאָג, וואָס הייסט מאָנטיק“, יהושע
פּערלע, 'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי'..

12. (פּלוצלינג) דערפֿילן אַן
אינעווייניקסטע ענדערונג (אַזוי ווי עפּעס וואָלט
אַרויסגעלאָפֿן, אַוועקגעלאָפֿן). □ עס אַנטלויפֿט דאָס
געזונט = א) בײַם זיך דערפֿילן שוואַך, קראַנק;
בּ) בײַם דערשרעקן זיך. די נשמה אַנטלויפֿט
אין די שפּיץ קנעכל = א) זיך דערשרעקן אויף
טויט; בּ) פֿאַרקלעמען בײַם האַרץ, חלשן.
□ □ : א, ווי א בּיבּער, וו אַן
אונטערגעשאָסעי

- -

נער, ווי אַן אָפּגעבּריטער, ווי אַן אָפּגעגאָסענער.
א, ווי פֿון טויט, ווי פֿון אַ טורמע. אַ, וו אַ
-
׳
מויז אין לאָך אַרײַן. אַ, ווי פֿאַר אַ זאַראַזע,
אַ מגיפֿה. אַ, ווי פֿאַרן מלאך־המות, ווי דער
מלאך־המות פֿאַר ראָניען [פֿאַרבּונדן מיט אַ
שפּאַסיקער מעשׂה, ווי איינער האָט זיך
געראַטעוועט פֿון מלאך־המות, ווען ער האָט אים
געסטראַשעט אַז זײַן ווײַבּ ראָניע, אַ בּאַוואוסטע
מרשעת, וועט אים כאַפּאַלן]. אַ, ווי פֿאַר פֿײַער,
ווי פֿון (אַ) פֿײַער (שׂריפֿה, פּאָזשאַר), וו אַ
׳

שאָטן פֿאַרן טאָג, וו אַ שד פֿון (פֿאַר) ווײַרעך,
י
אַ שד פֿאַר ציצית (פֿאַר שמע־ישׂראל). ״... זי
 י

האַט אַ קבלה ון איר באַבע עליה־השלום אַז
פֿאַר אַ רויט־האָריקן [חתן] זאָל מען אַ, ווי
אַר פֿײַער,,, ד י זילבערבוש, שטרעכאַלעך.. ,
ווין 1916.

1556

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —
״זיי, געניטע אַ'ערס, זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין
אַ נעץ...״, סעג, געברענטע טריט פֿונעם
,, .
אייביקן ליכט ביסטו געווען אַן אַ',,, אפֿא,
.. שקיעה ,,... קוקט אויף די נעגער, וואָס
קלייַבן זיך אַרויס פֿון האַרלעם... ווי אַ, פֿון
זייער אייגענער ראַסע״, בצג, טמז, 1 5 l9 III.
־ערײַ — ״זײַן גאַנצער צוגאַנג איז אַ
לכתחילהדיקער צוגאַנג פֿון אַ״״, יג, טמז, 1957 3.
־עריש — אַדי.
אַנטלי'ב פֿטמ. לר. אין אויסדרוק: אַ,

אײַך אײַער גאַסט = מיט ליבֿ...

אַנטלײַ, — דער, ־ען. אַקט פֿון אַנטלײַען.

--

אַ, פֿון געלט. אַ, פֿון ווערטער.

אַנטלײאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רע ־

זולטאַט פֿון אַנטלײַען. שווּבֿ פּאַרטײַטשט 'לוה א.

כּל הלוואה, — „לייהנג. ענטלייהנג“. “זאָל דיר

גאָט באַשערן זאָמען פֿון דער דאָזיקער ווײַבֿ

פֿאַר דער אַ, וואָס איז אַנטליִען געוואָרן צו

גאָט“, תּי, שמואל א, ב, 20. “זייער גענוי,

שטעלט [ער זיך] אויך אָפּ אויף די ליטעראַרישע

השפּעות, אַ'ען און פּאַראַלעלן“, זר, ייִבֿל II,

.5־4

אַנטליידיקן — טרוו ־דיק, ~ליידיקט. אַרכ.

.

.Mhd: e n ־le([i] e n באַפֿרײַען. פֿרײַ מאַכן.

אויסלייזן. “דער קיסר... האָט יהודים ליבֿ

גיהאט... אונ, האָט זיא אנטלידיגט פֿון דיא

פֿקידי, פֿון רום“, ר, זלמן הענא איבֿז, ר, דוד

גאנז, צמח דוד פֿפֿדמ 1698. “אונ, דוא גאָט

,

דא דיא ישׂראל אַן גלובֿן, איך בֿיט דיך

אנטלידיג מיך פֿון דיא דאזיגן שולד,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743. אַנטליידיקט ווערן —
"און, ער וואַרד גיהענגט אַן אים ביז דש ער קאַם דער יואבֿ און, ער דר שלוג אין דען ער מוכט ניט אַנטלידיגט ווערדן", יוסיפֿון, אַמשט 1 1.
אַנטלייטן — ← אַנט(ג)לייטן.
אַנטלײַען — טרוו. ~לײַ, ~ליִען, לד, ..־,ליגן,
-

פּד פֿטמ: אַנקלייען. Mhd: en 1 hen.
-
.
1. ג ע ב ן , לײַען, באָרגן (עמעצן) געלט, אַ זאַך, אַ כּלי, אַ מלבּוש אע אויף אַ געוויסער צײַט (מיט אַ באַדינג מע זאָל עס נאָכן ניצן צוריקקריגן). אַ, ד ע ם חבֿר [דאַטיוו] אַ הלוואָה אויף אויסצוקערעווען זיך. אַ, אַ בגד. אַ, דער שכנטע די סטופּ(ק)ע צו שטויסן מצה. אַ, אַ מולטער. ,,אַנטלײַ מיר אַ פּאָר 'טולער, ביז מאָרגן". אויך: אַ אַ פּראָפֿעסאָר אויף אַ יאָר
,

צײַט צו אַ צווייטן אוניווערסיטעט. "מע מעג קוי ן פֿון מעשׂר־געלט וואָס פֿאַר אַ מצווה מע

וויל... אויך ספֿרים צו לערנען און צו אַ,“,
הנהגות אדס, וואַרשע 1845. „זאָלסט זען תּמיד
אַ, דעם אָרעמען מאַן... עס איז מער מצווה
ווער עס אַנטלײַט איידער דער וואָס שענקט“,
איבּז, רבּינו יונה, ספֿר היראה, לבוב 1851.
“אַז איינער נעמט אַ משכּון בּײַ זײַן חבֿר,
נעמט ער אַנדערש דעם משכּון ניט, נאָר אַז
ער ווייסט ער וועט קאַנען יענעם... אַ, אַזוי
פֿיל וויפֿל יענער וויל אויף דעם משכּון לײַען“,
חה, 406. „נו מאַך מיט מיר אַ קורצן בּײַט /

אַנטלײַען

דו זאָלסט מײַן כּוח נעמען, / און מיר אַנטלײַ
דײַן גראָבּע האַנט / און זע — ווי איך וועל
פֿלעמען“, יהואָש, ,צו עשׂון'.

2. ק ר י ג ן , בּאַקומען (פֿון עמעצן) געלט,
אַ זאַך, אַ כּלי, אַ מלבּוש אע אויף אַ געוויסער
צײַט צו (בּאַ)ניצן. נעמען (עפּעס) אויף (כּדי
שפּעטער) אָפּצוגעבן. אויסבּאָרגן. אויסלײַען.
א, בּ ײַ ם חבֿר אַ הלוואָה. אַ אַ שירעם, אַ

,

-

ראָווער. „דאָס בּוך האָבּ איך אַנטליִען נאָר אויף אַ פֿאָר טעג“. אויך: אַ, אַן אַקטיאָר צו אַ בּאַשטימטער ראָלע. “אַז מען איז בּייז — אַנטלײַט מען בּ אַ הונט אַ בּאַקצאָן“, שוו. “ער

י

אַנטלײַט דער רשע פֿון צדיק און, בּיצאלט ניט. הקבּ„ה... דער גיבּטשׂ יענם מלוה דער דאשׂ געלט האָט אַוועק גליגן“, סהמ, תהלים, לז, 21. [אין דעם זעלבּיקן פּסוק בּײַ אבּ, בּליץ, וויצנהויזן: אנטלענען.] „... איך האבּ אַלי קליידער דער קענט... גם אין היט וואָס ער האָט אנטליגין פֿון מײַן שוואגיר האבּ איך אויך דער קאַנט“, 'שו„ת פּני יהושע', אַמשט 1715 [הש I]. “האָט איינר ניט אויז צו ליגן, אַנטלײַא ער אויף מיך, איך וויל אַלשׂ בּיצאלן, עשׂ זאָל אײַך ניט אבּ גין„, לט1, נט/א. „יעטוועדער פֿרוי וועט אַ, פֿון איר שכנטע... זילבּערנע זאַכן“, תּי, שמות, ג, 22. „דאָס מחזור אָבּער מעג טאַקע ווײַטער בּײַ מיר ליגן בּיז איר וועט אָפּגעבּן וואָס איר האָט אַנטליגן“, עט, משלים.

3. אָפּט איר. (מיט אָדער אָן כּוונה) איבּערנעמען (פֿון עמעצן) אַ געדאַנק, אײַנפֿאַל, סטיל, מאַניר פֿירונג אע און עס צואייגענען.

אַרײַנ—— ,
קריגן, אַרײַננעמען עפּעס און מאַכן עס זאָל
ווערן ווי אייגנס. אַ, אַ מעטאָד, אַ סיסטעם,
אַ טעכניק. אַ אַ מעלאָדיע, אַ ניגון, אַ לאָזונג,
,

אַ פֿראַזע. אַ אַ מאָדע. אַ אַן אףּווערטורע פֿון
, ,

אַ באַוואוסטער אָפּערע און זאָגן אַז מע האָט
עס אַליין געשאַפֿן. אַ, בײַם אָפּאָנענט דעם
סטיל פֿון רעדן. ״זײַן ליבעראַלער געדולד איז
מער־ווייניקער אַנטליִען בײַ זײַן טאַטן... פֿון
דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע,,, זש, קיסר
און רבי. ״די בלומען זענען דײַן און אויך
דער צוויט, און דײַן איז אויך דער ניגון.
ס'האָט אים בלויז אַ פּשוטער ייִד אויף אַ פּאָר
צענדליק יאָר אַנטליגן״, יעקבֿ פֿרידמאַן
פּאַסטעכער אין יע)ראָל, ת״אָ 8 19.

—עכץ. ־עניש. ־ער — 1. דער וואָס
ג י ט , ליַיט אויס עפּעס צו עמעצן אויף אַ
געוויסער ציַיט. מלווה. פֿאַרליַיער. קרעדיטאָר.
,,ווער איז פֿון מיַינע אַ, [תּי: ״מאָנער״] וואָס איך
האָבֿ איַיך פֿאַרקויפֿט צו אים פֿאַר דעם חובֿ״,
חעט, הפֿטרת עקב [ישעיה, נ, 1]. ״די אַ'ס האָבּן
געוועלטיקט און זיי האָבּן אָפּגעאַרבּעט מיט
זיי דעם חובֿ וואָס זיי זענען זיי שולדיק
געווען און האָבּן ניט געהאַט צו בּאַצאָלן״,
ישעיה, פּירוש עבֿרי־טיַיטש, לעמבּערג 1877.
״... מיט דער קאַלטקייט פֿון אַ געלט־אַ', בּעת
ער ציילט די קופּערנע מטבּעות״, א. פּלאטנער
איבּז אַגנעס סמעדלי, די כינעזישע רויטע
אַרמיי מאַרשירט, מאָסקווע 1935. 2. דער וואָס
ק ר י ג ט , בּאָרגט פֿון (בּיַי) עמעצן. לווה.
דעבּיטאָר. בּעל־חובֿ. ־בּ פֿאַרטיַיטשט 'לוה, —

אַנטל־ען

,,אַנטליַיאר״. אין מחזור I, בּאַרדיטשעוו 1818,
קיג/א ווערט פֿאַרטיַיטשט 'מלווה ולוה, — ,,דער
ליַיער און, דער אַ',,. ,,און, דר אַנטליַיאר ווערט
זיַין אַז דר אים ליַיט,,, סהמ, ישעיה, כא, 1.
,,(זועמו) זיי צארנן זיך דר ליַיאר און דר

אַנטלײַאר איינר פֿון דעם אַנדרן זיי ווערן פֿר זענט“, מחזור ר„ה ויו“כ, הומבורג 1721.
„ראובֿן וואָס האָט געגעבֿן דאָס געלט צו שמעונען הייסט אַ 'מלוה', אַ פֿאַרלײַער, שמעון וואָס האָט גענומען דאָס געלט ווערט אָנגערופֿן אַ'“, סשי II. „טאָמער טרעפֿט זיך, אַז דער אַ, האָט ניט אָפּצוגעבֿן... טאָר דער מלווה ניט מאָנען“, חג, טמז 1967 IX l.
אַנטלעען — אַדי, פּאַר אַנטלײַען ←. „אין אַן אַ'עם גראָשן קומט ניט אַרײַן קיין מזלבֿרכה„, שוו. „וויא גישריאן„... דיא זעג איז אַנטליהן“, סהמ, מלכים בֿ, ווילהרמרשׂדאָרף 1716, קיא/ב. „וואָס זאָל איך דיר, מענטש פֿון אייגנס געבֿן פֿון ניט אַ'עם און ניט פֿון רויבֿ?„,
-
,
האַל, מײַן אוצר.
אַנטליץ — דער (דאָס), ־ן. Mhd: an-li e.
(פּאָעטיש, סטיליזירט) פֿנים. אייבערפֿלאַך. מלל פֿאַרטײַטשט 'ואיך אשׂא פֿני', (שמואל בֿ, ב, 22):
“אַנטליץ„ [תּי „פּנים„]. „דא אײַלט זיך דער קוניג אונ, ויל אויף דשׂ אַ, נידר„,
שמואלבֿוך, סטראָפֿע 740. „האָט געהערט זייער זיסע שטימע, האָט געזען זייער הייליקעס אַ'„,

בלעטער, No 36. "און דער גײַסט האָט פֿונדאָסנײַ
באַלויכטן מײַן וואוינונג מיט די שטראַלן פֿון
זײַן הימלישן אַ',,, ווינטש I, נ"י 1920. "די
אויגן זײַנען צוגענאָגלט צו דער
געהיימעניש־פֿולער, בײַטעוודיקער העוויות־שפּיל וואָס
יאָגט
זיך שטיל און גיך איבער דעם אַ, פֿון ים,,,
ימ איבז, טאָמאַס מאַן, טאָניאָ קרעגער, ריגע
1930.

אָנטליקען זיך — אוטוו. ־קע זיו אָן, זיך
~געטליקעט. 1. אַ סך אָנוואַנדערן זיך;
אָנוואָגלען זיך. אַרומשלעפּן זיך. אָ, זיך אין דער
פֿרעמד אַ לעבן־לאַנג. 2. אָנשטויסן זיך (אָן
עפּעס, עמעצן). אָנקלאַפּן זיך. אָ, זיך אָן אַ
בוים, אָן וואַנט. 3. וואול. דזוו אויסטליקען,
מיט ז י ך, בּ2 (□., 249).

אָנטליתן — [... טאַלעסן] טרוו. טלית אָן,
געטליתט. 1. אָנטאָן, אַרויפֿטאָן,
אַרויפֿוואַרפֿן, באַדעקן (עמעצן) מיט אַ טלית. אָ, דעם
חזן. אָ, דעם בר־מצווה־בחור. 2. באַזאָרגן
מיט טליתים אָ צאָל. אָ, די רוסישע ייִדן.
מיט ז י ך.

אַנטלענען — אַרכ. דזוו אַנטלײַען ←.: M□d

hene-l-en. מ פֿאַרטײַטשט 'ושאלה אשה משכנתּה, (שמות, ג, 22): ,,און זי זאַל

אַנטלעהן‘‘; מלל פֿאַרטײַטשט 'ואתּה לא תעבֿט, (דבֿרים, טו, 6): ,,ענטלענין,,. ,,איך האבּ אַנטלעהנט [געלט] בֿון אונזרן אַבֿרהם‘‘, פּבּ פֿון 1533 [ייִוואָ, וואַכשטײן־בּוך]. ,,דא גינג דער עובדיה בּײַא (יהורם) דער זון פֿון (אחאבֿ) און, וואַר געלט פֿון אים אַנטלענן‘‘, צאינה, וירא, כא/ב. ,,(עבֿד לוה לאיש מלוה) דער דא אַנטלעהנט איז איין קנעכט צו דעם דער אים

1]57

גיליהן האָט‘‘, לט1, מג/א. נונג — הלוואָה.

מ) פֿאַרטײַטשט 'בתשׂומת יד, (ויקרא, ה, 21): ,,אַן אנטלעהונג‘‘ [תּי: ,,אײַנלאָג].

אַנטלערן — טרוו. ~לער, .־,לערט. מאַכן לער, ליידיק. אויסליידיקן. אַ, די קעשענעס ערבֿ שבּת. מיט ז י ך — ,,מע זאָל זיך מעגן אַ, הינטער דעם צוים,,, בּבֿא קמא, פֿא/ב.

אַנטמאַנען — טרוו. ~מאַן, ..,,מאַנט. מאַכן עמעצן פֿאַר אויס מאַן; מאַכן מע זאָל

פֿאַרלירן דעם כּוח גבֿרא. קאַסטרירן. „די דײַטשן
האָבן אַנטמאַנט זייערע קרבּנות“. „דו גיי צו
אים אין וואַלד — און דאָרט אין שלאָף
אַנטמאַן אים“ פֿײַן, גאָט פֿון צאָרן ־ונג.
— , .
אַנטמואיקט — אַדי. נעאָל. [לויטן משקל:
אַנטמוטיקט] וואָס האָט פֿאַרלוירן די פֿעאיקייט
אָרויסצובֿרענגען די קלאַנגען מו־מו. „סוף־
כּלסוף שלום געמאַכט מיט איר שטומגליק האָט
אויך די אַ'ע קו„, אַלף כּץ, צוק, יולי־אויג,
1957. אַ, וו ע ר ן — „זי האָט אָבער אַלץ פֿון
דער צײַט נאָך געטראַכט ווען זי איז געוואָרן
אַ,“, דאָרטן.
אַנטמוטיקן — טרוו. ־טיק, ~מוטיקט.
1. (מיט אָדער אָן אַ כּוונה) אָפּנעמען, אָפּשלאָגן
בײַ עמעצן דעם מוט, חשק (צו עפּעס). אַ,
א קינד פֿון לערנען. אַ, ד אַרבעטער פֿון
— ,
שטרײַקן. אַ, די קעמפֿערס. „מײַן הויז איז
דער שטורעם באַפֿאַלן אינמיטן דער נאַכט; עס
האָט מיך דערשראָקן, אַנטמוטיקט און הילפֿלאָז
געמאַכט“, אר, 'דער שניישטורעם'. 2.
אָפּריידן, אָפּראָטן, אָפּעצהנען עמעצן פֿון (צו)

טאָן, פֿון אונטערנעמען עפּעס. אַ, פֿון אַ

גע־
שעפֿט. אַ, עמעצן פֿון אַ ריזיקאַלישער עקספּעדיציע. אַ, עמעצן ניט צו באַטייליקן זיך אין....

־ונג. אַנטמוטיקט — אַדי. אַ'ע קעמפֿערס.

אַנטמוילבאַנדן — טרוו אַרכ. אַוועקנעמעז מוילבאַנד (ציימל, צוימגעביס); באַפֿרייען פֿון מוילבאַנד. אויסשפּאַנען. מ t פֿאַרטייטשט 'ויפּתּח הגמלים, (בּראשית, כד, 32): „און, ער אַנטמוילבאַנדט“ [תּי: „ער האָט אָפּגעבונדן“].

אַנטמעכטיקן — טרוו. ־טיק, ~מעכטיקט. נעאָל. מאַכן אויס מעכטיק; מאַכן מע זאָל פֿאַרלירן מאַכט. „אַ מעכטיקער... וואָס ווערט אַנטמע טיקט,,, יג, טמז, 4 1966 III ־ונג.

.

אַנטמענטשלעכן — דזוו דווו. מיט ז י ך — „האָט גרינג פֿאַרשלאָסן הינטער זיבן שלעסער ס'גאָט־בילד זיינס און זיך אַנטמענטשלעכט“, לע, אַ ייִד אויפֿן יס. ־ונג — “ביישפּילן פֿון

-

אַ',... פֿון דער דעגראַדאַציע פֿון דעם מענטשן", פֿאָר, 1967 ■י 10.

אַנטמענטשן — טרוו. ~מענטש, ~מענטשט.

1. מיט פֿאַרשיידענע מיטלען צונעמען, אַוועקנעמען (פֿון עמעצן) די מענטשלעכע חשיבֿות, ווערדע; דערבּרענגען אַ מענטש צו אַ מצבֿ, ער זאָל אויפֿהערן זיו (אויפֿ)פֿירן ווי אַ מענטש. דערנידעריקן. ,,[היטלערס] ציל איז געווען אַ, דעם מענטש", הל, אַרבּעטער־וואָרט, פֿאַריז

אָנטעאָריזירן

l948. ,,די דײַטשע בעסטיע האָט געזוכט צו אַ, דעם... קרבּן", יג, טמז, 2 .11 1966 IX. (מיט אַ כּיוון) גורם זײַן מע זאָל ווערן אוממענטשלעך, פֿאַרדאָרבּן, רשעותדיק, סאַדיסטיש. בּרוטאַליזירן. די כּוחות וואָס אַ, דעם מענטשן. ,,דער נאַצישער רעזשים האָט אַנטמענטשט די דײַטשן". אויך מיט ז י ך. מיט בּיידע בּבּ אָפֿטער אין פּאַסיוו אַנטמענטשט וו ע ר ן.

--- ▯

אַ, וו, אין תּפֿיסה, דורך פֿײַניקונגען. אַנט—
מענטשט — אַדי. די אַ'ע בעסטיע. „ביידע
אַ'ע דעספּאָטיעס“, לע, טמז, 17 XII 1962. ־ונג
— „דער גלײַכגילט צו געפֿאַלענע העלדן ווײַזט
דאָס קנעכטישע פּנים,... ד אַ, פֿון יעדן
קאָי

מוניסט“, יג טמן, 3 XI 1957.
אַנטמשפּטן — [... מישפּעטן] טרוו. אימפּ,
איצ נב; ~משפּט. נעאָל. באַפֿרײַען פֿון (נאָך)
אַ משפּט. ניט פֿאַרמשפּטן. „עס ווען זײַן
היסטאָריקער וואָס וועלן אים שאַרף
פֿאַרמשפּטן... עס וועלן אויך זײַן היסטאָריקער
וואָס וועלן אים אַ'“, צײַט, טמז, 12 II 1960.
אַנטנאָבלען — טרוו. ־בל, ~נאָבלט. מאַכן
אויס נאָבל; מאַכן מע זאָל זײַן ניט נאָבל,
מאַכן מע זאָל פֿאַרלירן נאָבלקייט. “ער געהערט
צו יענע... וואָס ווען זיי לײַדן, איז אַנשטאָט
צו אַ, זייער נשמה... דערגרייכן זיי דאָס
אומגעקערטע“, ס. קאַהאַן, צוק, דעצ, 1957.
אַנטנאָפּלען — טרוו ־פּל, ~נאָפּלט.
אָפּ
טיילן, אָפּשנײַדן, אַוועקשנײַדן פֿון נאָפּל.

באַפֿרײַען פֿון נאָפּל. אַ, דאָס נײַ־געבאָרענע קינד.
אויך מיט ז י ך פֿיג זיך אַ, פֿון דער

מוטער.
אַנטנאַרט — אַדי. נר. אָפּגענאַרט פֿאַרפֿירט.

,
אַנטוישט. די אַ'ע קונים, קונדן אע.
אַנטנומען — אַדי, פֿאַר אַנטנעמען ←. „דער
אינהאַלט פֿון ליד איז אַן אַ'ער“, מינפּי II. „אַלע
ווערטער זײַנען פֿון מויל אַ'“, מבאָ, דער גייער.
—קייט.
אַנטנוצט — אַדי, פֿאַר אַנטנוצן'. נעאָל.
,

אויסגענוצט, וואָס קען מער קיין נוצן ניט
ברענגען. „אַ מידער, מידער מאַן, אַ'“, נאַד
[פֿון לעצטן ליד פֿאַרן טויט], 1943.
אַנטנעמען — טרוו. ~נעם, ~נומען.:Mhd
e n ־ 1 .e. אַרכ אַוועקנעמען. „דיא האבן
אַן דיא יהודים בשולדיגט, דש זיא קינדר פֿון
דיא נוצרים אַנטנומין העטן אונ, אין איין מיל
גטיט האבן“, שאַר, פֿז. 2. דטשמ. צונעמען

פֿאַר זיך אַן אידיי, טעמע אע. אַ אַ גאַנצע

,

-

געשטאַלט פֿון אַן אַלטן ראָמאַן. 3.
פֿאַרלירן די פֿעאיקייט צו ניצן אַן אבֿר אָדער אַ
חוש. אָפּגענומען ווערן; פֿאַרשטײַפֿט ווערן. דער
רעכטער פֿוס איז אים אַנטנומען געוואָרן.
דאָס לשון איז אים אַנטנומען געוואָרן.
אַנטע־ — פּרע יקס. ל. בּ: איידער פֿאַר.

,

אַ'־בּעלום — פֿאַר מלחמה. אַ'־מאָרטעם — פֿאַרן

טויט.
אָנטעאָריזירן — טרוו. ־זיר אָן, ~
טעאָריזירט. אַ סך טעאָריזירן. אויפֿשטעלן צו פֿיל
טעאָריעס. אָ, אַ בּאַרג מיט טעאָריעס.

אַנטעדאַטירן

אַנטעדאַטירן — טרוו ־טיר, אַנטעדאַטירט.
< איי < ל 'דאַטירן אויף צופֿריִער,. 1.

אויסשטעלן אַ דאָקומענט אויף אַ דאַטע וואָס איז
פ אַ ר דעם טאָג וואָס דער דאָקומענט ווערט
געמאַכט. אַ, אַ וויכטיקן בריוו. 2. זײַן פֿריִער
אין צײַט. די שומערן אַ, די בבלים. 3.
צושרײַבן צו אַ פֿריִערדיקער צײַט ווי דאָס איז
באמת געדוען. אַ, אַ היסטאָרישע געשעעניש.
אָנטעותדיק — [... טאָעס...] אַדי. וואָס
איז אָן (אַ) טעות; אָן אַ פֿעלער. ריכטיק,
פֿינקטלעך. אָ'ע פֿאָרויסזאָגונגען. "דו, אָ'ער
גאָט", מלך ראַוויטש, עיקר שכחתי, מאָנטרעאָל
1969. ־יקייט.
אָנטעותן — טעות אָן, ~געטעותט. טרוו —
דזוו אויסטעותן ←, 249. אוטוו — אָנמאַכן
אַ סך טעותים. ניט־שׂכלדיק, ניט־ריכטיק פֿאַלש
,
זאָגן אָדער טאָן. אָ, אין מסחר, אין פּאָליטיק.
אָנטעיען, ~טייען — טעיע, טייע אָן, ~
געטעיעט, ~געטייעט. אוטוו — דזוו אָנטײַען
... „, האָט ער געזען, ווי [די מוטער]
שטייט אויבן אין דער ווײַבערשער קלויז און
טעיעט אָן און אַז זי איז דענסמאָל געווען אין
זיבעטן הימל", יודישער אָלקס קאַלענדאר,
לעמבערג תר"ע. "די טײַוולשע אויגן האָבן
אָנגעטעיעט פֿון מײַנע שרעקלעכע לײַדן", איבז,

עדגאַר פּאָ, די אינקוויזיציע, אַדעס 1904. "עס
איז דאָ אַ מין הנאָה, וואָס שטייט נאָך אַ
האָרעלע אריף דער גרענעץ פֿון פֿרייד און אויף
דעם האָט אונדזער [בעסאַראַבער] ייִדיש דאָס
וואַרט 'אנטעיען, פֿון אַ קינדס חכמות טעיעט

.

מען אָן", א א, איק, ר"ה תּשכ"ז. טרוו —
מאַכן עפּעס זאָל אָנקוועלן, זיך אָנגיסן מיט

זאַפֿט; פּעט מאַכן. „די זון האָט אָנגעטייעט
די פּירות מיט זאַפֿט". "'שמועה טובֿה תדשן
עצם, — אַ גוטע בשׂורה טייעט אָן די
גלידער„, מס, משלי תּקע"ד, טו, 30.
אָנטעלעבענדען — טרוו ־דע אָן, ~(גע)
טע.
לעבענדעט. פּפֿ: ־בענדזיען, ־בענצען.
אָנשלאָגן. אָנבוכצען. אָ, די זײַטן. פּרגל
אויסטעלעבענדען.
אָנטעלעלייקען — טרוו ־קע אָן, ~
געטעלע— .
לײַקעט. פּפֿ: ־לייקען. אָנרעדן אַ סך און גיך.
פֿאַרטומלען פֿאַרקלאַפּן עמעצן מיט אַ סך

—
,
רייד. "האָט זי מיר אָנגעטעלעלײַקעט אַ פֿולן
קאָפּ, האָב איך אַמיסנע געוואָלט פֿרעגן צי
ס'איז אמת", י. ל. בינשטאָק, בײַא ר, שלמה
בערלינער, לוואָוו 1896. ← אָנטערעלייקען.
אָנטעלעפֿאָנירן — טרוו. ־ניר אָן, ~(געֿ)־
טעלעפֿאָנירט. אָנקלינגען און רעדן מיט
עמעצן דורכן (אוי ן) טעלעפֿאָן. איבערגעבן
עפּעס טעלעפֿאָניש. אָ, די מעלדונג. אָ, אַ ידיעה.
אָ, (צו) דער טאָכטער [פֿערזאָן אין דאַטיוו].
אַנטעם — דער, ־ס. < ענגליש < גר
1. הימען, למשל: פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
2. רעליגיעז (כאָר־)ליד.
אָן טעם — [... טאַם] ראַזע וואָס האָט ניט
קיין גוטן טעם. אויך: אָן געשמאַק, אָן אַ חן;
וואָס פֿאַראינטערעסירט ניט, ציט ניט צו;
אומגעראָטן. אָן ט, און אָן ריח. אָן ט, און אָן

ראַם. אַ זופּ, אַ מאכל אָן ט'. אַ זינגער אָן ט'.
אַ קלייד אָן ט'. אַ קאָנצערט אָן ט'. ס'איז
געשריבן אָן ט'. אַ רעדע אָן ט'. „האָבן אים
פֿאָרגעלייגט שידוכים וואָס האָבן געהאַט אַ

פֿאָרגעשמאַק פֿון דעם הספּד וואָס מע וועט
מאַכן נאָך אים איבער מאה שנה, דאָס הייסט
אָן ט, און אָן אַ ריח", אמד, באַרןסקע דער
שומר, ווילנע 1871. אָנטעמיק — אַדי.
וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) טעם.
אומבאַטעמט. אָ'ער מאכל. אָ'ע קליידער. אָ'ע
אַרטיקלען.
אָנטעמסן — טרוו. טעמפּ אָן, ~געטעמפּט.
דזוו אויסטעמפּן ״., 249. אָ, די האַק. אָ, אַ
מעסער, מע זאָל קיין זאַך ניט קענען צעשניידן.
אָנטענהן — [... טײַנען] אוטוו & טרוו. טענה
אָן, ~געטענהט. 1. אַ סך, אַ לענגערע צײַט
טענהן. "וואָס האָט זי אָנגעטענהט?". אָ, אַז
דער קאָפּ זאָל צעפּלאַצט ווערן. 2.
אײַנטענהן. פּרוּוון עמעצן איבעררעדן, איבערצײַגן
אין עפּעס. ,,[ער] האָט נאָר צוגעהערט ווי
שפּרינצע־מירל האָט אָנגעטענהט מיט דעם
שדכן", ימבר"ע, שפּרינצע מירל..., בוקאַרעשט
1878. מיט ז י ך.
אָנטענטלען — טרוו ־טל אָן, ~געטענטלט.
.
1. דזוו אָנטינטלען ←. "האָב דרײַ מאָל
אָפּגעשפּראָכן מײַן פּעדער... און האָב איר
געגעבן די וואָליע... זאָל זי אָ', וואָס סע וועט

איר נאָר אַרײַנפֿאַלן אין איר... מויל אַרײַן", ייִל, פֿונ'ס יאַריד, אַדעס 1869. 2. (אָנ)שרײַבן מיט אומקלאָרן, אומלייענעוודיקן כּתבֿ.
אָנפֿאַטשקען, אָנשמירן בײַם שרײַבן. אָנבאַזגרען (ּ.). אָ אַ בריוו, מע זאָל עס ניט קענען איבער, לייענען. ־עניש. ־ער.
אָנטענטלען זיך — אוטוו. ־טל זיך אָן, זיך ~געטענטלט. אַ לענגערע צײַט אַרומגיין אָן אַ ציל, פֿוסט־און־פֿאַס. אָ, זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט און פֿטרן צײַט אויף גאָרניט.
אַנטענע — די, ־ס. < איי < ל. 1. (ראַדיאָ, טעלעוויזיע) סיסטעם פֿון דראָטן אויפֿצונעמען אָדער אַרויסצושיקן עלעקטראָמאַגנעטישע כוואַליעס. אויפֿנעם־אַ'. אַרויסשיק־אַ'. ראַדיאָ־אַ'. „אין לופֿט־גערויש עס שטאַרצט די שטאָלענע אַ'", עק. "מע האָט [זי] אין כוטאָר געגרופֿן אַ'. זי איז געוועזן הויך און דאַר, טאַקע ווי דער שטעקן פֿון אַן אַ, און געוואוסט אַלע נײַס פֿונעם כוטאָר", נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע 1965. [בעת דער צווייטער וועלטמלחמה האָבן ייִדישע פֿליטים פֿון פּוילן, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די דײַטשן קיין ליטע, (אָנ)גערופֿן די ליטווישע פּאָליציאַנטן אַ', איבער

זייער הייך (l מעטער און 80 צמ) און איבער
דעם וואָס אויף זייערע היטלען איז
נאָכגעהאַנגען אַ דרעטל]. 2. (זאָאַלאָגיע)
שפּירהאָרנדל, וואָנצעלע, טאַפּערל בײַ אינזעקטן אויף
ביידע זײַטן פֿון קעפּל; חוש־אָרגאַן בײַ אַלע
גלידערפּיסיקע בעלי־חיים.

אַנטעסאַלע — די, ־ס. שפּאַ □e□an:□ □.
sala. פּאָדערצימער. וואַרטזאַל. פּרוזדור.

אָנטערמ□ניק

אָנט□ען — טרוו ־סע אָן, ~געטעסעט. פּפֿ:
.
~טעסעווען, ~טעסלעווען. 1. מיט
אַ שאַרפֿן אינסטרומענט (דלאָטע, מעסער),
מכשיר אַ סך טעסען, אַרומשניצן. אָ, קלעצער.
אָ, שטעקנס פֿאַר בעזעמער. 2. אָנשטופּן.
אָנפֿאַקן. אָ, דעם טשעמאָדאַן פּרגל
אָנטאַסע□
ווען. 3. פֿיג. אָנשלאָגן, אָנהרגענען. אָ, די
ביינער.

אָנטעען — ← אָנטעיען.

אַנטעצעד□ירן

— טרוו ־דיר, אַנטעצעדירט.

□

זײַן פֿריִער פֿאָרויסגיין אין צײַט. „דובנאָווס

.

אויטאָנאָמיזם האָט אַנטעצעדירט די ציוניסטישע
העלסינגפֿאָרסער פּראָגראַם“. „שעקספּיר האָט
אַנטעצעדירט מילטאָנען“ ־ירונג ־ענ□ן

□ □

— די.
אַ'נטעצעדע'נט — דער, ־ן. שפּאַ
פֿריִער.
דיקער פֿאַל. דאָס וואָס האָט שוין פֿריִער
פֿאַסירט. אויך: פּרעצעדענט.
אַנטעק — דער,־ס. < פֿאַרשפּרייטער פּויערישער
נאָמען אין פּוילן פֿטמ. עם־האָרץ.
גראָבער.
יונג. פּראָסטאַק. פּויער(י)שער קאָפּ.
אָנטעקלען — טרוו ־קל אָן, ~געטעקלט.

.

זייער שיין און זויבער אָנטאָן עמעצן.
אויספּוצן. אָנצאַצקען. אָ, די קינדער, עס זאָל שמעקן
פֿון זיי. אָ אַ פֿאָטאָגראַפֿיע = רעטושירן.

,

אַנטעקן — טרוו. ~עק, ▯,עקט. 1. אַרכ.

אומבּרענגען. מ▯) פֿאַרטײַטשט ,אמרתי אפֿאיהם,
(דברים, לבֿ, 26): ,,איך וויל אַנטעקן זי“ [תּי:
,,איך וועל זיי פֿאַרלענדן,,]. 2. אָפּהאַקן אַן עק.

אָנטעראָריזירן — טרוו ־זיר אָן, ~
טעראָ.
ריזירט. אָנשרעקן (עמעצן אָדער אַ צאָל) דורך
אָנווענדן טעראָר־מיטלען. פּועלן דורך אָנוואַרפֿן
א פּחד, אַן אימה. אָ, די באַפֿעלקערונג. אָ אַ

,

-

שכן. ־ונג.

אַנטערדיקן — טרוו ־דיק, ~ערדיקט. סאָוו.

.

מאַכן עמעצן אויס בעל־הבית איבער אַ שטיק
ערד. מאַכן אויס לאַנדבאַזיצער דורך צונעמען,
קאָנפֿיסקירן אַ שטיק(ל) ערד אָדער נחלה.
אָפּרײַסן עמעצן פֿון זײַן שטיק ערד און נחלה.
־דנג.

אַנטערידיע — די, ־ס. < איי < ל (באָט)
אָרגאַן אין אַ געוויקס מיט מענלעכע

זאָמענקעמערלעך.

אָנטערכע(נע)ן — טרוו ־כע אָן, ~ געטער.

כעט. 1. שלעכט און אומקלאָר (אָנ)שרײַבן עפּעס. אָנפּאַטשקען. אָנשמירן. אָנטינטלען. אָ, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס. 2. במקום־ווערב פֿאַר אויספּאַרטיקן אַן אַרבעט אויף אַ שלעכטן, פּאַרטאַטשנעם אופֿן. אָ אַ טיש, ער זאָל זיך

,

צעפֿאַלן. אָ, 10 פֿאָר שיך און אַלע זאָלן זײַן לינקע. ־עניש.

אָנטערמיניק — אַדי. וואָס איז אָן אַ באַשטימטן טערמין. אָ'ע הלוואָה. אָ'ע פֿאַרשיקונג. „געלט־סומען אויף איבערגאַנג־רעכענונג מיטן צוועק זיי איבערווײַזן אָדער אַלס טערמיניקע און אָ'ע פּקדונות", ב. האַלפערן, האַנטבוך... ן אַ פֿאָלקסבאַנק, ווילנע 1922. „אַרעסט אין קאַמערע פֿאַר ווילדע... ווערט געגעבן אָ„ ביז

אָנטערן

דער באַשולדיקטער באַרואיקט זיך", איבז, מאַקס העלץ, פֿונעס ווײַסנ קרייצ צו דער רויטער פֿאָנ, אַדעס 1932 ־יקייט.

.

אַנטערן — טרוו. ~ער, י.,ערט. צונעמען, אַוועקנעמען ערע, חשיבֿות. דערנידעריקן. דעגראַדירן. מאַכן, גורם זײַן מע זאָל אויפֿהערן עמעצן ערן, רעספּעקטירן. אַ, עמעצן וואָס מע האָט פֿריִער בּאַוואונדערט און פֿאַרערט. ,,זי אַנטמוטיקט, אַנטוויליקט און אַנטערט דעם מענטשן“, בּרידער גאָרדין, אונדזערע חבֿורים, ווילנע 1912. ,,זיי אַלע זײַנען פֿאַרשעמט און אַנטערט געוואָרן גלײַך מיט אים,,, חיים ליבּערמאַן פֿאָר, 8 XI 1961 ־וננ.

, .

אָנטערעבּענדען — טרוו. ־דע אָן, ~(גע)־טערעבּענדעט. 1. אָנטומלען, אָנטראַסקען. 2. אָנדרייען פֿאַרדרייען אַן עסק. אַנפּלאָנ, טערן. ,,... וואָס פֿאַר אַ בּאַטריגערײַ, קומט על־פּי דין, אָדער וואָס מע קען גלאַט אָ, אַהין,,, אלצ, קליין וועלטל, לאָנדאָן 1894. 3. דזוו אָנטערעבּענצען. דזוו אָנטעלעבּענדען.

אָנטערעבּענצען — טרוו ־צע אָן, ~(גע)־

טערעבּענצעט. פּפֿ: י,,טאַראַבּענצען.

אָנקלאַפּן די בײנער. געבן אַ צאָל קלעפּ מיט אַ
פֿויסט. אָ, דעם יונג ער זאָל האָבן צו
געדענקען. „זי לויפֿט צו צו לייבושלען און האָט
אים אָנגעטראַבשצעט וויפֿל עס איז אין אים
אַרײַן“, ש. הויכבויס, אַ יוד, אַדעס 1869.

אָנטער(ע)לייקען — טרוו. ־קע אָן, □י.,
טער(ע)לייקעט. פּפֿ: ־לײַקען. כּסדר, אָן
איבעררײַס זינגען אויף אַ צעצויגענעם אופֿן
אָדער מיט אַ ציטערדיקער שטים איבערחזרן
איין־און דעם זעלביקן ניגון. אָ, דאָס זעלבע
לידל. מיט ז י ך.

אָנטערפּען זיך — אוטוו. ־פּע זיך אָן, זיך
~געטערפּעט. רוסיצ. אַ סך, אַ לענגערע
צײַט אָנלײַדן זיך. אַריבערטראָגן צרות. אָ, זיך
דאָס גאַנצע לעבן.

אַנטערפּרי'ז — דער, ־ן. פּפֿ. ־פּריזע —

.

די, ־ס. □rise□ו][e□ו][e: □ <. אונטערנעמונג.
אַ גרויסער אַ'. אַ ריזיקאַלישע אַ'ע □רגל
אַנט.

רעפּריז(ע). אַנטערפּרעני(אָ)ר — דער,
־ן. (יעדער מין) אונטערנעמער. פֿרגל
אַנטרעפֿרעניאָר.

אַנטערפּרעני́רן — טרוו ־ניר,
אַנטערפּרע.
נירט. אונטערנעמען אַ גרויסע אונטערנעמונג.
אַ, צוצושטעלן די בוי־מאַטער אַלן.
י
אַנטפּאָפֿן — אומוו. ~פּאָף, ~פּאָפֿט. (
אומאיידל) אַנטשלאָפֿן ווערן. אײַנשלאָפֿן. אַ, אין
וואַגאָן וו אַ געהרגעטער. געווײנלעך.
אַנטי .
פּאָפֿט וו ע ר ן — „איר'ט אַמאָל אַ, ווערן? אָט
ממזרים...„, ה. אָרלאַנד, הרעבליעס, כאַרקאָוו
.1931
אַנטפּאָ'ר — אַדוו. אַרכ ־[Mhd: e־bor, e]
bor. אויף אַרויף. „זול מן זי [די ספֿרים] ניט
אום ווענדן אויף די אונרעכט זײַט אודר דשׂ
אונטרשט אַנטפּור“, בראַנט, מט/א.
אַנטפּיטן — דזוו אַנטביטן ←. „ווען דער פּופּס
פֿון ראָם זעלט אים צו אַנטפּיטן, קעריט ער

זיך ניט דראָן“ פּראַגב, 2. „דוא [ברודער] מײַנר
אַזו גאַר פֿר געשׂט און, מיר ניקשׂ שרייַבשׂט
און, ניקשׂ אַנטפּיטשׂט און, אַפֿילו ניט גרישׂן

לאָזן", דאָרטן, 9.

אַנטפּיקלען — טרוו ־קל, י.,פּיקלט. (

גאַר.

בערײַ) אַוועקנעמען, אַוועקוואַשן, אַרויסוואַשן

זאַלץ און נייטראַליזירן די זײַערסן אין

געפּיקלטע פֿעלן.

אַנטפּלאָנטערן — טרוו ־ער, ..,פּלאָנטערט.

.

באַפֿרײַען פֿון אַ פּלאָנטער. אויספּלאָנטערן.

אויסוויקלען (פֿון) אַ פּלאָנטער. אַ, אַ פּלאָנטער

וואָס עמעצער האָט פֿאַרפּלאָנטערט. אַ אַ

קנײַל,

כל וואָל. ־ונג — ,,אָ, מאַמע ערד... ערגעץ

דאָ בײַ דיר איז אַן אַ, פֿאַראַן,,, אַ. עסעלין,

פֿאַש, 15 1958 I.

אַנטפּלאָסן — אַרכ. דזוו אַנטבלויזן ←.

אַנטפּלעק — דער, ־ן. אַקט פֿון אַנטפּלעקן.

"דער איידלסטער אָ, פֿון מענטשלעכן גײַסט,,,

ימ, 1930.

אַנטפּלעקבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס

מע קען, וואָס עס לאָזט זיך אַנטפּלעקן. אַ'ע אמתן.

אַנטפּלעקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַנטפּלעקן (זיך). „אַלע זאַכן וואָס זײַנען אונדז באַקאַנט זײַנען אַ'ען“,

מעריסאָן איבֿז, ספּענסער, ערשטע פּרינ ציפּן, ווילנע 1937. „אָט די אויסקלײַבונג וועט אויך זײַן דורך דער אַ, פֿון זײַן געטלעכקייט דאָ אונטן,,, תּניא, 234. “די עובֿדא פֿון טעאַטערשפּיל איז ניט פֿאַרבאָרגונג נאָר אַ,“, איבֿז, מאַקס ריינהאַרדט, מענטש־וויסנשאַפֿט I, נ“י 1930.

2. אַקט פֿון אַנטפּלעקן. אומגעריכטע אויפֿדעקונג. אינטואיטיווע אַנטדעקונג. ווײַזונג. העלזעאונג. „דר, בערעלזאָן האָט אין די לעצטע יאָרן ווי געוואַרט אויף אַן אַ',,, נאָמ, 'דאָס רבישע אייניקל'. „פֿון ערשטער דערוועקונג,

פֿון טיפֿסטער געהיימניש — די שעמעוודיקערשטע אַ, — מיט ווײַטערע דורות דײַן בונד,,,

האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966. “אַזוי פֿיל אַ, און אויף איינמאָל, וואָרהאַפֿטיק צו פֿיל נס

פַאַר די אויגן פֿון בן אָדם“, יעקבֿ פֿרידמאַן,
-

נפֿילים, תּ“אָ 1963. „גיי זוך אַ'ען אין אַ וועלט
וואָס כּולו אַנטדעקרנגען, אַפֿילו די וועלט פֿון
קונסט“, יחיאל האַפֿער, צנק, מײַ־יוני 1966.
3. אַרכ. וואָס קען ווערן געזען און דאַרף ניט

געזען ווערן. מ פֿאַרטײַטשט ,כּי ערות האַרץ
בּאתם לראות, (בּראשית, מבּ, 12): „
אַנטפּלעקונג“ [תּי: “נאַקעטקייט“].
אַנטפּלעקט — אַדי פֿאַר אַנטפּלעקן ←.
אַ'ער סוד. אַ'ע וועלט. אַ'ער שגעון. מ
פֿאַרטײַטשט ,והנגל[ו]ת לנו ולבנינו, (דבֿרים, כט,
28): „און, די אַנטפּלעקטי„.. „ווײַל ער לוגט
אויף אונדזערע אַ'ע און פֿאַרבאָרגענע זאַכן“,
חה, 7. “כּל כּבֿודה בּת מלך פּנימה... און
הײַנט זיצן זיי אַ, אויף די גאַסן און אויף די
מאַרקן“, נוצ II, 257 פֿאַר גאָט איז אַלץ אַ'“,
— ,, .
קה. „וואָס ווילסטו לערנען מײַן זון, די אַ'ע

זאַבן אָדער די באַהאַלטענע?“, אַש,

תהילים‏אַנטפלעקן

ייִד. “הענט אַ'ע ביִז די עלנבויגנס...,,, בערג,
'אין איינעם אַ זומער'. „ביִז אויף מאָרגן
כ'פאַרבאָרג אים, דעם סוד ניט אַ'ן“, האַל, מײַן
-

-

אוצר, מאָסקווע 1966. ערהייט — “סיַ
די זאַך וואָס איך האָב געטאָן מיט מײַן גוטן
ווילן פאַרבאָרגענערהייט און אַ',,, איין נײַע
שס תחנה, פּיעטריקאָוו 1881. ־קייט —
,,... איז די זאַך זייער נאָענט אַרויסצוזונעמען
איר פון דער באַהאַלטנקייט און אַ'“, תניא,
252. “דאָס באַהאַלטנסטע אין דיר אַנטפלעק
צו דעם וואָס דײַן אַ, אָנט“, אפּא,.. שקיעה
אַנטפלעקן — טרוו. ~פלעק, ~פלעקט.:Mhd
en nblec e. „נבֿעה — ווערט אַנפלעקט;
נבֿעו — זיא זײַן וואָרן אַנפלעקט. מחשוף —
אַנפלעקט, ויחשוף — און, ער אַנפלעקט...,,,

ספּר של ר, אַנשיל, 1584 [ייִפֿאַ, 1939, □].

1. אַנטבלויזן. אָפּדעקן (אויסטאָן) מע זאָל זען. מאַכן נאַקעט. אַ, דאָס לײַב. "די שאַנד פֿון דײַן פֿאָטער און די שאַנד פֿון דײַן מוטער זאָלסטו ניט אַ,,,, תּי, ויקרא, יח, 7. ,,איר גרונד פֿסט וויל איך אַנפּלעקן, כלומר דז בניין דרויף וו[ע]רט אום פֿ[אַ]לן דו וורט מן דען גרונד זעהן", סהמ, מיכה, א, 6. "דײַן אָרעם האשׂטו אנפּלעקט אין מצרים דא וואַר אַנטגליטשן די ערד", מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג 1721. ,,ווײַל זי האָט געוויזן אירע בריסטן פֿאַר מאַנצבילן, דערום האָט איר דער כהן אויך אַנפּלעגט אירע בריסטן", לט2, מט/ב. ,,הײַנט וועל איך אַ, איר שאַנד פֿאַר די אויגן פֿון אירע ליבהאָבער", הושע, וואַרשע תּרל"ב. "גאָט אַנטפּלעקט זײַן הייליקע האַנט פֿאַר די אויגן פֿון אַלע פֿעלקער אין לאַנד", ממוס, זמירות. ,,און, גאָט האָט אַנטפּלעקט דשׂ אור [= אויע□] פֿון שמואל איין טאָג פֿר דשׂ קומן פֿון שאול", סהמ, שמואל א, ט, 15. [פֿון: 'גלה את אזן'. אַ צאָל מאָל אין תּנך. אַ, דאָס אויער, ווײַל ווען מע גייט אין אָריענט מיט פֿאַרדעקטע אויערן, דאַרף מען אָפּדעקן כאָטש איין אויער, מע זאָל בעסער הערן. דער אויסדרוק איז ניט אַרײַן אין ייִדיש.]

2. אויפֿדעקן עפּעס וואָס איז פֿאַרבאָרגן. מגלה זײַן. אַ, סודות פֿון באַשאַף. אַ, בנבֿואה וואָס עס וועט געשען. אַ, וואו צו געפֿינען אַן אוצר. אַ, מעלות (חסרונות) בײַ עמעצן. „דא זול מנשׂ ניט אַנט פּלעקין אונ, ער זעלבּרט זולשׂ אויך פֿר געשׂין... הוט ער דען ניט תּשובֿה גיטון זא ווערט גוט ית, עשׂ אַנט פֿלעקן„, בּראַנט, פּרק נה. „ווען ער [דער מענטש] וויל זײַן חכמה דערצו אײַנווענדן, קען ער אַלע פֿאַרבּאָרגעניש אַ"“, א. פּאַוויר איבּז, בּחינות עולם, זשאָלקעוו תּקס„ה, ג/ב. „וויא זײַט איר איין קעשׂטליך פֿאַלק דאז אײַך גאָט אַלמעכטיג אַנטפלעקט דיא ווערק דיא גישעהן זאָל„, מבּ, מעשׂה קעה. “זײַן ווירדיקייט אַז ער אַנטפֿלעקט מיט שטאַרק און מאַכט“, 'טײַטש פֿון אַקדמות, פֿיורדא 1694 [פֿש III]. „און ער

,

וועט אים עפֿענען די טויער פֿון זײַן וויסנשאַפֿט, און וועט אים אַ, די סודות פֿון זײַן חכמה„, חה, בּ, 190.

3 פֿאַרטרויען. אויסזאָגן. „דאָס האַרץ אַנט.

פלעקט ניט פֿאַרן מויל“, שוו [,לבא לפֿומא לא

אַנטפלעקן

גלי', קהלת רבה יב]. „דא האָט ער זײַן (סוד)
אַנטפֿלעקט אַן זײַן איבערשטער פֿעלד הובט מאַן“,
שאַר, לבֿ/2. „קיין שומר מיט דיר באַדאַרף
איך איצט ניט האָבן, איך וויל דיר אַ, מײַן
האַרץ“, ממוס, מטעות. „מאַשאַ האָט נישט
געדאַרפֿט וואַרטן ביז איר חבֿרטע וועט אַ, פֿאַר
איר איר נשמה, אויסגיסן איר האַרץ“, שע,
אין שטורם.
4. קלאָר מאַכן. איבערגעבן וואָס מע ווייסט
ניט. אויסדערציילן. שילדערן, אָפּמאָלן. אַ, די
מעשׂים־תעתּועים פֿון דעם שׂונא. אַ, די רציחות
פֿון די דײַטשן אין די שקלאַפֿן־לאַגערן. אַ,
אַ געשעעניש, אַ פֿאַסירונג. „וואָס איז די
אויפֿגאַבע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור?... צו אַ,
פֿאַר זיך אַליין פֿאַר דער וועלט, די טראַגישקייט,
,
די באַזונדערקייטן פֿון ייִדישן לעבן“, הל,
עסייען און רעדעס, 3)19.
5. אויפֿעפֿענען און ווײַזן. אַ, דאָס פּנים אונ
טער דער מאַסקע. אַ, אַ שיין (שוידערלעך אע)

בּילד. אויפֿציִען דעם פֿאָרהאַנג און אָ, די
ליידיקע בּינע. אַ, דעם אונטערשלאַק. „קיינער
האָט אונדז נישט אַנטפּלעקט אַזוי דײַטלעך און
שאַרף ווי מענדעלע, דעם אונטערשלאַק פֿונעם
ייִדישן כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך„,
. ,

שנ, וועג1 יוד, שרײַבּער I.
6. אַנטדעקן. אויסגעפֿינען. אַ אַ טעאָריע.
,
אַ אַ טאַלאַנט. „ער איז געווען דער ערשטער
,
וואָס האָט אַנטפּלעקט זײַן טאַלאַנט“.
אָפֿט אין פּאַסיוו אַנטפּלעקט ווערן.
סו

דות וו אַ'. חידושים זײַנען דורך אים אַ,
גע,
וואָרן. „עס וועט אַ, וו, גאָטס מלוכה, וועט זיך
פֿרייען די ערד„, קבּלת שבּת, עם פּירוש
עבריטײַטש, אָרט? יאָר? „ווי אַ ווינטמיל דרייט זיך
מיר דער מוח פֿון אַלצדינג וואָס מיר איז ערשט
אַ, געוואָרן“, ממוס, קליאַטשע. „דער סוד פֿון
פֿאָלק ישׂראל וועט ווערן אויפֿגעדעקט...„

ערשט ווען ס'וועלן אַ, וו, די ענדצוועקן פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע“, צײַט, טמז, 1956 2 III.

מיט ז י ך — בּאַווײַזן זיך, אַרויסשטעלן זיך, אַרויסווײַזן זיך. נתגלה ווערן. בּאר התּורה פֿאַרטײַטשט 'ויתגל, (בּראשית, ט, 21): „און ער האָט זיך אַנטפּלעקט“ [תּי: „אָפּגעדעקט„]. “יעדער סוד אַנטפּלעקט זיך אין בּאָד“; „אין בּאָד אַנטפּלעקט זיך דער סוד“; „אין בּאָד אַנטפּלעקט זיך דער מום„, שוו. “איך חאָב דאָך אַ, זיך אַנטפּלעקט צו דײַן פֿאָטערס הויז“, תּי, שמואל א, בּ, 27. “וצדקתי להגלת: און מײַן צדקה ווערט זיך אַ'“, לט1, מג/ב. „אליהו פּלעגט זיך אַ, צו זיי, און דער רוח־הקודש פּלעגט צו שײַנען אויף זיי“, קה. „ער דרייט אַוועק דעם קאָפּ, קוקט אין גאַס, און די יפֿהפֿיה אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אים גאַנץ אָפֿן אין איר געשטאָלט“, ממוס, ווינטשפֿ. “בּעת גילוימשיח... וועט זיך אַ, דער געטלעכער כּבֿוד און אַלע קערפּערס וועלן זען די געטלעכע רייד“, לדבּ, נ“י תּשי“ז.

־עכ ן. ־עניש — “הנסתרת לה, אלהינו דיא פֿר בּערגנס איז צו גאָט און, דיא אַנטפּלעקניס איז צו אונז“, צאינה, קמב/2. „און

דער קאָצקער בײגט זיך איבער די כּתבֿ־ידן
זײַנע: אַ', מישטײנס געזאָגט, דראַפּעניש פֿון
מילבל'', יעקבֿ פֿרידמאַן, די פֿאַסטעכער אין
יע)ראָל, תּ''אָ l953.
אַנטפּלעקער — דער, (־ס). וונ ־ין, ־ס.
1. ווער עס אַנטפּלעקט. ''... איז גלײַך אַז
[גלית] שטונד (ממאה ערות) פֿון הונדרט
אַנטפֿלעקיר [וואָס דעקן אויף די ערווה] אונ, אום
קײשר'', סהמ, שמואל א, יז, 4. ''קומען
דרשנים דערנאָך, נעמען די רײד פֿון אַ,, צינדן
זײ אָן ווי ליכט אין די שטיבער און ס'ווערט
העל אין די שטיבער'', מבאָ, דער גײער. ,,און
זוכסטו פֿאַר דײַן פֿײַן אַ זין   פֿאַרוואַנדל זיך
—   —
א□ן איר אַ''', מוצ, די פֿעסטונג. ,,אַ, איז ער,
לײקענער און גלײבער'', אפֿא,... שקיעה.
2. אויטאָמאַטישער פֿאָטאָ־אַנטוויקלער. ,,לאָזט
דורך דאָס פֿאַפּיר דורך אַ וואַנע מיט אַן אַ,,,,
א בראָזשין פֿאַרשטאַנדיקע מאַשינעס, מאָסקווע
□   □

אַנטפּלעקעריש — אַדי. וואָס איז (ווי) בײַ
אַן אַנטפּלעקער. וואָס האָט די טבֿע אָדער די
כּוונה צו אַנטפּלעקן. אויף אַן אַ'ן אופֿן. אַ'ע
קונסט. אַ'ע חידושים. אַן אַ'ער אויסטײַטש.
„אַ, צעוויקל איך, באַווײַז“, סוצ, געהיימשטאָט.
“[ער] איז אַ ווירטואָז... דעפֿיניציעס־עושר,
אײַנפֿאַלעריש, אַנטדעקעריש, אַ, מחיהדיק־קלוג“,
היימיש, דעצ, 1960. —קייט — „אָנגעשריבן
אַ גאַנץ ווערק וואָס פֿינקלט ממש מיט אַ',,,
לע, טמז, 12 XII 1953.

אַנטפּנימען — [... פּענימען (... פּאָנימען)]
טרוו. ~פּנים, ~פּנימט. מאַכן עס זאָל ניט
האָבן מער דעם פֿריערדיקן פּנים; דעמאַסקירן
עמעצן; באַווײַזן, אויפֿדעקן עמעצנס
צווייפּנימדיקייט. אַרויסברענגען עמעצנס
פֿאַרשטעלטע (פֿאַלשע) כּוונות. אַ, די קהלשע
פֿאַרזאָרגער. אַ, די רויטע וועלט־פֿאַרזאָרגער. ־ונג.

אַנטפּע'רן — אַרכ. דזוו אַנטבערן ←. „אַן
צו גרײַפֿן מיט פֿר נופֿטן אונזרי פֿרייאהטן די
געבט אונש הער, מיר וועלן זי ניט לענגר אַנט
פֿערן“, ווינץ.

אַנטפֿאַלן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. ~פֿאַלט,
איז ~פֿאַלן. אויך: אַ, ווערן. ־□ Mhd: en

velle. 1 . אַנטגיין, אַנטקומען, אַזוי ווי פֿאַרגליווערט ווערן. געניצט אין אַ צאָל אויסדרוקן וואָס גיבן איבער פּלוצעמדיקע און שווערע איבערלעבונג פֿון שרעק, פֿון ביטערניש.

דאָס ב ל ו ט אַנטפֿאַלט פֿון פּנים. עס אַ, די בלוטן.

דאָס ה אַ ר ץ אַנטפֿאַלט. דאָס האַרץ איז מיר אַ, געוואָרן. „אַנטפֿאַלט דער מאַמען דאָס האַרץ, ווי נאָר זי זעט אַ זעלנער זיך שלאָנדערן אין געסל“, ב. דעמבלין, איק, ר״ה תשכ״ד. „אַזוי ווי איך האָב דאָס געהערט איז מיר תּיכּף דאָס האַרץ אַ, געוואָרן“, ספֿר מגלת איבֿה, לובלין 1895. „אין זעלביגן טאָגן, שפּריכט גאָט, ווערט דען קיניג אונ, הערן איר הערציר אַנטפֿלן“, שעריר, ד, 9.

עס אַנטפֿאַלט דער מאַמעס (מוטערס) מ י ל ך.
'איז אַזוי אַ, די מילך דער מאַמעס אַז מע

אַנטפֿאַנגען

האָט דערזען דעם לעכט־פּאַכטערס ש[אַ]מעס„,
הירש רײַטמאַן, דער קיטטעל, ווין 1863. „אַ
שלמהלע האָט דערזען [ר, אליהן], איז אים פֿאַר

שרעק דער מאַמעס מילך אַ',,, ממוס, שלמה.
,,מען איז מכבד דעם למדן מיט אַ ניגון!
אַנטפּאַלט אים דער מוטערס מילך: ער — און אַ ניגון?", פּרץ, חסידיש. ,,דער מאַמעס מילך איז אַ, געוואָרן".

עס אַנטפּאַלט דאָס ג ע ז ו נ ט. ,,אַז מע דערמאַנט זיך וועגן די קאָזאַקן..., ווערט דאָס געזונט אַ'". ,,דאָס געזונט איז מיר אָפּגעקומען, אַ, געוואָרן". ,,אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, געקוקט עפּעס משונה ווילד מיט אַן אָפֿן מויל, אַזו אַז ס'איז מיר אַ, דאָס געזונט", ממוס,
,
פּישקע. ,,אַז איך דערמאַן זיך אַז דו וועסט דאַרפֿן צום קייסער דינען גיין, ווערט אַ, אין מיר דאָס געזונט,, פּל7
,

עס אַנטפּאַלט דאָס פּ נ י ם. ,,און, [דר קינ□] ווערט פֿר נידרן אַלי דײַני פֿײַנד, דשׂ איר גזיכטר זיא אַ, ווערט", יוסיפֿון, אַמשט 1743.

2. אָפּגענומען ווערן פֿאַרלירן פֿאַרשווינדן.

. .
עס אַ, די כּוחות. ,,אַז נו אלישׂ ואלק [= פֿאָלק] הורט [= הערט] דז אליפֿורני און [= אָן] הייבּט וואשׂ, אנטפֿיל אירן [אינן?] מ ו ט און, ר א ט

און, קאַם אין [זיי] איין זולכר שרעקן״, שמועה פֿון דער ורומי שושנה, קראָקע 1571 [ייִפֿאַ, 1939, 4]. „עס אַנטפֿאַלט אים זײַן כּ ו ח

דרייענדיק מיטן מוח„, ש. מ. אָטטראָווסקי, אַ ר . זע און עולס התּוהו, וואַרשע תּרמ„ג. ״זײַן ל ש ו ן אַנטפֿלט אים, קאַן ניקש רידן, ער שטערבט איין רשע איין שלק״, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא פֿפֿדמ תּ 'ה?

,

אַנטפֿאָלקן — טרוו. ~פֿאָלק, ~פֿאָלקט.
מאַכן אויס פֿאָלק פֿאַראַן יודאַאיסטן וואָס אַ,

- .

אונדז און זעען אין אונדז נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע„. ־ונג — די, ־ען. נעאָל. „דער ווילן פֿון אַ'„, מלך ראַוויטש, איק, 1956.

--

אַנטסאַנגען — אוטוו. ־,פֿאַנג, ~פֿאַנגען.
אַרכ. 1. מקבּל פּנים זײַן. אויפֿנעמען עמעצן. בּאַגריסן. בּאַגעגענען. ״בּבא דער קאַם אים אַנטגיגן גיגאַנגן, און, גר ליפּליך וואַר ער אין אַנטפֿפֿנגן״, בּבֿא־בּוך, 465. „צוויי מלאָכים

בישופֿין זיין די דען שבת גאַר אירליך אַנטפֿנגן,,,
'בנימינס שב᠎..ליד', באַלד נאָך של,,ד [ביר, ייִבל
᠎1 ,XII־2]. ,,און, דא ער נון צום הויז איַין
גינג, גאַר פֿרײַנטליך אין זײַן פֿרויא
אַנטפֿינג", ס᠎ר משלים פֿפֿדמ 1686. ,,אַך זײַן זיא
,
גיווינטליך גיוועזן שיני קליידר אַן צו טאָן
לכּבֿוד שבת אום שבת צו אַנטפֿאַנגן מיט
שׂמחה", מהמ, אמשט 1722, קלא/1. ,,לוי האָט
... צונויפֿגערופֿן זײַנע לײַט צו אַ, דעם גאַסט
און צו מאַכן פֿאַר אים אַ סעודה", באַש᠎ דער
ע)טן אין גאָרײַ.
2. אָננעמען וואָס מע זאָגט. אויפֿנעמען עפּעס.
,,מיט גרושׂר פֿאָרכט זיא זײַן ריד אַנטפֿינגן,,,
ווינץ. "... און, דער מיט אנטפֿנג פֿיל גוטר
יאַר,,, פּראָגב, 14 [אַ פֿאַרשפּרייטע פֿאָרמל צום
סוף פֿון אַ בריוו]. ,,אַנטפֿאַנג מיט וואול גיפֿאלן
דשׂ גיבעט פֿון דיא דא אַן היישֿן וואַשׂר,,,
מחזור של᠎) רגליס, אַמשט 1713, צב/כ.

-

אַנטפֿאָר

„ווארום זאָלשטו אַנטפֿאַנגין דיא ריד פֿון דיא
לײַט דיא אויף מיך רכילות זאגין„, סהמ,
שמואל א, נז, 1. „און דו זאָלסט אַ, מײַן תּפֿילה,
אַזוי ווי דו האָסט אַ, די תּפֿילה פֿון אונדזער
מוטער חנה„, אָפּאַ, אַליין.
3. נעמען אויף זיך (אַ חיובֿ). „ווען ער דען
פּסוק זאָגט און, דז ער ווייש וואש ער זאָגט,
זאָ אַנטפֿאַנגט ער אויף זיך דז ער השם יתבּרך
איבּר אים קיניגט און, דאש השם יתבּרך
איינציג איז„, ספֿר מנהגים, אַמשט 1723, ב/א. „די
מילה זאָל זײַן איין צייכן און איין עדות דאָס
דו האָסט אַ, דעם גלויבּן פֿון מיר“, צור, לך לך.
4. בּאַקומען. קריגן. מקבּל זײַן. „דר צילט...
וויא אין דער קוניג אובּיל הט אויז גיריכט
און, די שאַנד די ער הט אַנפֿפֿנגן“, בּבֿא־בּוך,
210. „איר זאָלט ניט זײַן אַז קנעכט דיא איר
הערן דינן אום איין לון צו אַנטפֿאַנגן“, חה,
אַמשט 1716. „משה האָט גיזאגט צו ישׂראל
דרײַא טאָג פֿר מתּן תּורה... זיא זאַלן זיך אַן
בּרייטן צו אַנטפֿאַנגן דיא תּורה“, אַריה ליבּ
זעליגמן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. „איין
מלך האָט גישיקט זײַן קנעכט ער זאָל געלט
אַנטפֿאַנגן פֿון זײַני אונטר טאָן...„, ה(I,
אמשט 1723, מג/ג. אַ, אַ ר ש ו ת — קריגן אַ

דערלויבעניש. אַ, אַ בּ ר כ ה — קריגן אַ בּרכה.

5. אָנפֿאַנגען. אָנהייבן. „איידער איך אָנטפֿאנג צו עפֿענען מײַן מויל“ פֿון אַ תּחינה.

—

„האָט אַ אַ נײַ גליקלעך אומפֿאַרוואָלקנט לעבן“,

יעקבֿ ראַווינסקי, דער פֿאַלשער שולד־בּריעף, וואַרשע 1885.

6. אַרײַננעמען פֿאַרגיין אין טראָגן. „וועט זי [די פֿרוי] בּלײַבן אומגעשאַט און וועט אַ, זאָמען“, תּי, בּמדבּר, ה, 28.

אַנטפֿאַנג — דער. „אין דיזן (פּרק) ווערט דר צילט פֿון דען אַנטפֿאַנג די וועלט פֿון דיא גבּארטי פֿון (אָדם הראשון) אונ, זײַן נאָך קומלינג“, יוסיפֿון, אַמשט 1743.

־ונג — “אונ, דז דיא אַ, פֿון דיא תּשובֿה אונ, דיא פֿר געבּיניש פֿון דיא זינד פֿר האנדן איז“, חה, אַמשט 1716, קכ/ב.

־ער — שליח. ממונה. „פֿינד זיא דער אַנטפֿנגר פֿון מלך ניט דר היים אום (מס) צו געבּן“, מהמ, אַמשט 1722, נא/ב. „דער וואַר

דר אַנטפֿאַנגר פֿון דען צינז פֿון דיא שטאַט“, שאַר, ו.

אַנטפֿאָר — אַדוו. אַרכ .Mhd: ent־vor

פֿון (אין) פֿאָרנט פֿאָרויס. „דא גינגן עשׂ דיא

.

יודן מיט דען היידן אַנפֿור„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 121. „און, ווען זיך איין ורוא זטצט אויף די ערד אודר אויף איין בּנק ציכט דיא פֿיס צו אַנטפֿאר קוגן דען לײַטן — דאשׂ איז איין גראשׂי אונצוכט“, בּראַנט, פּרק יד. „אויך זול מן זי [דעם ספֿר] ניט אום ווענדן אויף דיא אונרעכט זײַט א□דר דשׂ אונטרשט אַנטפֿור„, דאָרטן.

-

אַנטסאַרבּן — טרוו. ~פֿאַרבּ, ~פֿאַרבּט (~פֿאָרבּן). אַוועקנעמען, בּאַפֿרײַען פֿון פֿאַרבּ. אַרויסציִען פֿאַרבּ (פֿון עפּעס). מאַכן עס זאָל פֿאַרלירן (פֿריִערדיקע) פֿאַרבּ. אַ, שטאָף. אַ, די ווענט. אַ, דאָס פּנים. מיט ז י ך — „אַלז

איין פֿוגיל דער דא האָט פֿיל פֿאַרבּין, אַלזו איין מענש וועןּ ער וויל וואז פֿון דעם אַנדרן האבּין. אַלזו פֿרענדיט אונ, אָנטפֿאַרבּט זיך זײַן גיזיכט“, צנכט.

אַנטסאָרגיין — אוטוו. אַרכ. גיין (זיך שטעלן) פֿאָרויס. „... האָט זיך דאשׂ שיף דר הובּן אונ, איז אנטפֿאר גנגן“, שי, אַמשט 1770.

אַנטסאָרן — אוטוו. י־,פֿאָר, בּין ~פֿאָרן. אַרכ. ווײַט אַוועקגיין. אויסמײַדן. „דוד אונ, דיא זײַנן קענן אונז ניט אַנפֿפֿארן„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 587.

אַנטסורעמען — טרוו. ~פֿורעם, ~פֿורעמט.
צעשטערן (מאַכן עס זאָל פֿאַרלירן) דעם
פֿורעם. אַוועקנעמען פֿון עפּעס דעם פֿורעם.

,,גענומען און אַנטפֿורעמט,,, הל. אויך: ~
פּאָרעמען.
אנטפֿינדלעך — אַדי. אַרכ פֿילעוודיק,
שפּי .
רעוודיק. וואָס איז זייער סענסיטיוו.

אַנטסינדן — אוטוו. ~פֿינד, ~פֿונדן. אַרכ.
אויפֿנעמען, דערשפּירן, דערפֿילן עפּעס מיט די
חושים. ,, אַ', באַגעגנט מען טייל מאָל אויף
,
איבערצוגעבן דאָס דײַטשע n in(le][e

מוו, ייִפֿאַ, 1939, 4 —ונג. אַנטפּינען —
.

אַרכ. דזוו אויסגעפֿינען ←.

אַנטסינצטערן זיך — אוטוו ־ער זיך, זיך

~פֿינצטערט. פֿון זיך ווערן אויס פֿינצטער. ווערן צוריק ליכטיק. „אַנטפֿינצטער זיך, פֿאַרלאָשן אויג, ווער קלאַנגיק, מײַן געהער“, סוצ, יודישע גאַס.

אַנטפֿלאַמען — טרוו. ,פֿלאַם, ~פֿלאַמט.
1. אויפֿפֿלאַמען. אָנצינדן. מלל פֿאַרטײַטשט להרחר ריבֿ, (משלי, כו, 21): „ענטפֿלאמין„ [תּי: „אָנצוצינדן„]. „אַ פֿײַער האָט דיר געזאָלט אַ', איידער איך בין געקומען מיט דיר צוזאַמען“, א. בּ. רוף, דער שיכּור..., וואַרשע 1871.
2. באַפֿרײַען פֿון אַ פֿלאַם. מאַכן ע אַמ
ס ז ל ווער
אויס פֿלאַם. אַ, דעם שײַטער. אַנטפ
— אַדי. “אַ, אין ליבּע אין די שטאַרקסטע

מאַנעס־יאָרן", מלך ראַוויטש, נאַקעטע לידער, ווין 1921.

אַנטפֿלוכט — דער, ־ן. אַרכ. ־ Mhd: en

vluh. אַנטרינונג. "זאָגט ירמיה צו גאָט: דוא בישׂט גאָט מײַן שטרק אונ, מײַן פֿעסטקײט בישׂטו אונ, מײַן אַ, בישׂטו אַן טאָג פֿון דר צרה,,, סהמ, ירמיה, טז, 19.

אַנטפֿליגל — טרוו ־גל, ..־,פֿליגלט.

באַען .

פֿרײַען פֿון פֿליגל. אַוועקנעמען, צונעמען פֿליגל. אַ, דעם אָדלער. אַנטפֿליגלט — אַדי. ,,אויף שטראַלענע בריקן פֿון שטערן צו שטערן וואָגלען מחשבֿות — מלאָכים אַ'", י. מאַניק.

אַנטפֿליישן — טרוו. ~פֿלייש, ־,פֿליישט.

1. באַפֿרײַען פֿון פֿלייש. מאַכן עס זאָל בלײַבן בלויז ביינער. אַ, די הינער. 2. ניט ניצן מער קיין פֿלייש ווי אַ שפּײַז. אַ, די טעגלעכע דיִעטע פֿון די אַרעסטאַנטן. אַנטפֿליישט — אַדי. ,,פּאַפּירענע סקעלעטן, לאַנג אַ'ע,,, סוצ, היימיש, מײַ 1959.

-

אַנטפֿרעמדן

אַנטפָּל□ען — אוטוו. ~פָּלי, ~פָּלויגן. אַרכ.

□liebe) 1□־v1ien .Mhd: en. אַנטלויפָן.

אַנטרינען. ,,מיר הבן אין גיבונדן, ער קאַן אונז ניט אנפּפָליהן", בבָא־בוך, 264. ,,און, דשׂ זיא , דאַר דורך גאַנגן זײַן דיא ישׂראל אין דער טרוקנוס צו אַנטפָליהן פֿור אירן פֿײַנדן", יוסיפֿון, אַמשט 1661, רעט. ,,דען איר כּישוף וואַר דז קיין קנעכט קענט אַנטפָליהן פֿון זײַנם הערן,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713. "און, ער אַנטרינט... און, ער אַנטפָלוך נאָך דוד,,, סהמ□ שמואל א, כב, 20. "קענסט זיי [די טויבן] אָנרירן מיט דײַן האַנט. זיי וועלן נישט אַ',,, רייזל זשיכלינסקי, שוויַגנדיקע טירן

2. אויסמײַדן. ,,ווײַל דער מענש יוא תּשובֿה קאַן טאָן... דען גיהנם צו אַנטפָליהן,,, צוכט. ־אונג — "עשׂ וואַר קיין ענטפָליהונג נוך קיין הילף,,, יוסיפֿון, אַמשט 1661, רעח.

□

אַנטסעדערן — טרוו. ־ער, □י.,פֿעדערט.

באַפֿרײַען פֿון פֿעדערן. אָפּרייניקן פֿון פֿעדערן.

אַ, די הינער.

אַנטפֿעטן — טרוו. ־י.,פֿעט, ~פֿעט. 1. באַפֿרײַען פֿון פֿעט(ס). אַוועקנעמען, אָפּרייניקן, אַרויסציִען דאָס פֿעטע. ,,באַנוצן מיטלען, וואָס אַ, און ציִען אַרויס דעם איבערפֿלוס פֿון אויל, וואָס די הויט פֿאַרמאָגט‘‘, פֿאָר, 14 IX 1965. 2. מאַכן מע זאָל פֿאַרלירן וואָג. אַנשטאַלט צו אַ'. אויך מיט ז י ך.

אַנטפֿעלקערן — טרוו. ־ער, ~פֿעלקערט. 1. מאַכן עס זאָל ווערן קלענער די באַפֿעלקערונג. ,,אויך די דעראָבערונג פֿון אַמעריקע דורך די שפּאַניער, וועלכע האָט אַנטפֿעלקערט די איבערישע האַלבּ־אינדזל...,,, ר. ראָקער, נאַציאָנאַליזם און קולטור, בּ,,א 1949. 2. (מיט כּוונה) אויסראָטן, אומבּרענגען די באַפֿעלקערונג פֿון אַ לאַנד, שטח, דורך גענאָסיד אָדער דעפּאָרטאַציע ־ונג.

.

אַנטפֿע'רן — טרוו* ־ער, ~פֿערט. אַרכ. Mhd : en ־v m(n). דערווײַטערן. אויסמײַדן. “אַך בּײַא זײַנם נמן צו שווערן דשׂ קיינשׂטו וואָל אַ'“, ספֿר חיי עולם, פֿרײַבּורג 1583 [פֿש II]. מיט ז י ך — ,,יוא מער איך מיין דאז איך מיך וויל פֿון דער שיני דאַניליא

אַנטפַערין, יוא מער ווער איך פַון איר
ליפּשאַפּט בּיקרענקיט,,, גה, 281.

אַנטסרוכפּערן — טרוו ־ער, ~פַּרוכפּערט.

אַוועקנעמען, צונעמען פַּרוכפּער(ד)יקייט (פַּון
עפּעס אָדער עמעצן). מאַכן אויס פַּרוכפַּער(ד)יק.
אַ אַ בּאָדן ־ונג.

אַנטסרירן — טרוו. ,פַּריר, ~פַּרירט.
בּאַפַּרײַען עפּעס פַּון אײַז פַּון זײַן פַּאַרפַּראָרן,

אײַנגעפַּראָרן. אַ, דעם אײַזקאַסטן. אַ, דאָס פַּלייש.
־ונג.

אַנטסרעמדן — טרוו. ~פֿרעמד, ~פֿרעמדט.
אַרכ פֿארפֿרעמדן. אָפּפֿרעמדן. מאַכן פֿרעמד.

,,דאַרום זי מיך ור לוסן אונ, האבֿן די שטט אַנטפֿרעמט‘‘, שעריר, יט, 4. ,,... אירי צייכן וואשׂ זיא האבֿן גיזאגט זײַט איר ניט אַ',,, סהמ, איובֿ, כא, 29. ‘‘אונ, נעמיט [נעמט] ער בּתי ניט זוא נעמיט ער איין ווילד פֿרעמדי זא

אַנטצוויי,

[אַזוי] איזט דאז גאַנצי בּית אַנטפֿרעמט‘‘, גה,
2‍1. מיט ז י ך — ,,... דא שטונד אויף יוסף הצדיק אונ, ער ענטפֿרעמדט זיך צו קיגן זײַן בּרידרן‘‘, יוסיפֿון, אַמשט 1661. ‘‘זיא קאַם אין דר טיר, אונ, ער זאגיט: קום, ווײַבֿ, ווארום בּישׂטו דיך אַ'‘‘, סהמ, מלכים א, יד, 7. ,,אונ, דער זיך אַנטפֿרעמד פֿון דער תּורה אונ, מצות (בּהעיפּט) אַז זיא וועק פֿליהט פֿון זיא דר לײַבֿ דאשׂ מיינט ווען זיא שטערבֿן‘‘, מחזור ר“ה ויו“כּ, הומבּורג 1721, קלו/א. ־ונג.
אַנטצוויי, — אַדוו. אַרכ. אין (אויף) דער העלפֿט. אין (אויף) צוויי (חלקים). ,,נאָך איין

(טעם) היישׂט דאַרום (לחס עוני) דען ווען איין
(עני) קומט בּעטלן פֿר איין (עשיר) זײַן טיר,
גיבּט מן אין קיין גאַנץ לאַבּ בּרוט, נייארט
איין שטיקליין, דרום בּרעכט מן דיא מיטלשׂטי
(מצה) אנטצווייא דז (טעם) האלבּן,,, עפּש,
סידור תּ􏰀ילות, אַמשט תּק"ח, קמג/ב.
אַנטצווייגן — טרוו. ~צווײַג, 􏰀,,צווײַגט.

אָפּ
-

-
בּרעכן צווײַגן. אורח פֿאַרטײַטשט 'מסעף,
(ישעיה, י, 33): ,,ענטצווײַגט, בּרעכט אָפּ,,
[תּי: ,,בּרעכט אָפּ"].
אַנטצווייען — טרוו. ~צוויי, ~צווייט.
צעטיילן, צעשפּאַלטן אין צוויי טיילן. אַ, דעם
רעפֿעראַט און פֿאַרענדיקן אים נאָכן
איבּעררײַס. ־אונג — "זײַן געפֿיל פֿון
קערפֿערלעכער און פּסיכישער אַ'", שנ, ה. לייוויק.
אַנטצויבּערן — טרוו ־ער, ~צויבּערט.
בּאַ.
פֿרײַען פֿון צויבּער. אַוועקנעמען (פֿון עפּעס
אָדער עמעצן) דעם צויבּער. ,,קאַניבּאַליזם איז
דערפֿאַר מעגלעך נאָר אַדאַנק דער פֿעאיקייט

דאָס צויבערהאַפּטע צו אַ'", גרינ, מענטשן און
ווערטן, נ"י 1953, ז, 1. „אונדזער דערציאונג מוז
פֿאַר יונגע קינדער באַניצן אַ געוויסע
סטראַטעגיע פֿון באַצויבערן און אַ'... ווײַל זי קאָן
ניט פֿאַרבאַהאַלטן אויך די שאָטנדיקע מאָמענטן
פֿון אונדזער סאָציאַלן סדר", ח. בעז, אונדזער
דור מוז אַנטשיידן ־ונג.

אַנטצוימען — טרוו ־י.,צוים, ~צוימט.
באַפֿרײַען פֿון צוים. אויסשפּאַנען. אַ אַ פֿערד.

,

־ונ .

אַנטצונדן — אַדי, פֿאָר אַנטצינדן ←. דטשמ,
אָפּט געניצט. 1. אָנגעצונדן, אינפֿלאַמירט.
רויטלעך און געשוואָלן. "דער דאָקטער האָט...
געזאָגט, אַז אירע אויגנלעפֿלעך זענען אַ'",
אָפּאַ, אונטערוועלט 2. אויפֿגערעגט, אוי־
גערייצט, אויפֿגעפֿלאַמט. „ערשט געוועזענע און
באַלד פֿאַרשוואונדענע — זוך איך זיי מיט
בליקן מיט אַ'ענע", אַל II, 'אויפֿן אַש'. אַ,
וו ע ר ן — אַ, וו, פֿון כעס.
אַנטצינדונג — די, ־ען. דטשמ, אָפּט געניצט.
קרענקלעכער צושטאַנד מיט היץ. אָנצינדונג.
אינפֿלאַמאציע פֿאַרצינדונג. „גאָט וועט דיך

. — —
שלאָגן מיט שווינדזוכט און פֿיבּער, מיט אַ,
און פֿיבּער", זלמן שזר, טמז, 29 XI 1964 פֿיג.
.
פֿרײַ פֿון דער דאָזיקער שאַרפֿער אָ, בּלײַבּן
"
יענע שיכטן פֿון דעם ניט־ייִדישן פֿאָלק וואָס
שטייען דרויסן ון דער קאָמערציעלער און
פֿראָפֿעסיאָנעלער קאָנקורענץ", זשיט I י, נ„י

1562

1917. א ו י ג ן־אַ'. ה אַ ל ד ז־אַ.. ל ו נ ג ע
וְאַ'. ל ע בּ ע ר אַ..
-

אַנטצינדן — טרוו. ~צינד, ~צונדן.:Mhd
in(1en-en. דטשמ. 1. שאַפֿן אַן אַנטצינדונג.
מיקראָבּן וואָס קענען אַ.. 2. ← אָנצינדן, בּ2.
אַנטציען — טרוו. ,צי, ~צויגן.:Mhd
.
2en-iehen. אַוועקציִען. צוריקציִען.
אָפּהאַלטן. טלל פֿאַרטײַטשט 'הוקר רגלך, (משלי, כה,

17): "ענטציה" [תּי: „מאַך דײַן פֿוס זעלטן„].
אַ, דעם צוטרוי צו דער רעגירונג.   מיט ז י ך
— אָפּגעוואוינען זיך. אָפּהאַלטן זיך. "ווערטער
וואָס מע הערט שטענדיק פֿון דער סבֿיבֿה קריצן
זיך אײַן אין מוח און מע קען זיך פֿון זיי
ניט אַ'", נ. זיסקינד, ייִשפּ XX, 1.

אַנטציסערן — טרוו ־ער, ~ציפֿערט.
דע
קאָדירן. דעשיפֿרירן. אויפֿדעקן דעם אינהאַלט
פֿון אַ געהיימשריפֿט. אַ אַ פֿאַרפֿלאָנטערטן און
,
מיסטעריעזן כּתבֿ־יד. "... דײַנע ייִגל אַ, די
בּשׂורה פֿון אַ גײַסטיקע דערלייזונג", מר I.
„אײַער בּריוו האָבּן מיר נישט געקאָנט
אָפּדרוקן, מחמת מיר האָבּן אים בּשום־אופֿן נישט
געקאָנט אַ'„, טמז, 20 1965 II.   ־ונג.
אַנטציקונג — די, ־ען.   באַגײַסטערונג.
עקזאַלטאַציע. באַוואונדערוגג. התפּעלות.
אַרויסרופֿן אַ'. "וואָס פֿאַר שטראָמען פֿון פֿרייד פֿון

,

מענטשלעכער אַ, מיט דעם מענטשן, פֿלעגן
אַרומנעמען אײַך, בעת פֿאַר אײַך ▯לעגט זיך
פֿלוצלונג אויפֿעפֿענען זייער גאַנצע נשמה“,
זשיט ▯וI, נ,,י 1919. “האָט ער אָנגעטראָפֿן
אויף ר, ישׂכר־בערס אויגן, וואָס האָבן אים
באַטראַכט מיט ליבשאַפֿט און אַ'“, נאָמ, 'דאָס
רבישע אייניקל.. ,,מיר איז פֿרעמד די אַ, פֿון
זיגער, וואָס האָט די געשיכטע מיט שטראַלן
געוועבט“, אַל, 'ייִדיש.. ,,זײַנע האָר זײַנען די
מיידלעך שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, זיי פֿלעגן
אים רײַסן די האָר אַפֿילו פֿאַר אַ'“, ייִז,
דערציילונגען.
אַנטציקט — אַדי, פֿאַר אַנטציקן (זיך) ←.
,,שטום, באזיגט, אַ, פֿאַלט צו די קני פֿון
—
,
גרויסן מאַן די שיינע מטרוניתא“, יהואָש,
'די מטרוניתא'. ,,און נאָמבערג — יונג און
בלאָנד און טיף, ער רעדט נאָך אַלץ אַ'“, אַר,
'די שבתים בײַ פּרצן'. ,,אַ ליכט־אַ'ער שוועבט,
אין גאָלד און בלאָקייט אויסגעוועבט, פֿון הימל
הויך און רופֿט“, אַל II, 'די זון'. “יענע שטילע,
אַ'ע מינוטן וואָס ער פֿאַרברענגט אין דער
געזעלשאַפֿט פֿון גוטע ביכער,,, שנ, קריטיק

און קריטיקער.

אַ, ז ײַ ן □ וו ע ר ן — זײַן (ווערן) אַ,

פֿון.... זײַן אַ, און אַנטבאָקט (□.), שפּאַסיק
ווש. “געוויס, קאָן קיין מענטש ניט זײַן אַ,
פֿון אַלע דערשײַנונגען וואָס זײַן פֿאָלק האָט
אַרויסגעבראַכט אין זײַן עבֿר“, זשיט I!, נ“י
1912. „האָט די געליבטע כּלה דעם בריוו
געקריגן, איז זי אַ, געוועזן“, ווײַס I, 'דער
אָרעמער יונג'. „אַז [ער]... זאָל אַזוי אַ, ווערן פֿון
אײַער שפּילן דאָס איז מער ווי איך האָב
דערוואַרט“, טפּ, סודות.

־ערהייט. ־קייט — אַרויסווײַזן אַ'.

אַנטקומען

אַנטציקן — טרוו. ~ציק, ~ציקט.:M□d:

אַרײַנברענגען עמעצן .e□ □־□ □(□ke□n (□eken)
אין אַ געהויבענער שטימונג, אין התפּעלות.
באַגײַסטערן. אַרויסרופֿן פֿרייד און
באַוואונדערונג (מיט געוויסע שטריכן, אויפֿטוען,
פֿערזענלעכע מעלות אע). אַ, מיט שיינקייט, מיט
חן, מיט אַ געשמאַק אין אָנטאָן זיך. אַ, מיט
חכמה. אַ, דעם עולם מיט אַ גײַסטרײַכער

לעקציע, מיט אַ קאָנצערט. "דו אַנטציקסט מיליאָנען גוייִם, און רייצסט זיי און באַגליקסט", אַל, 'די מאַדאָנע'.

מיט ז י ך — זיך גיך אַ, און גיך זיך אַנטוישן. "אַנטציקט זיך ווי אַ קינד מיט... אַן אומבאַקאַנטן שרײַבער", יק. „איך בין אַ זון פֿון וואָך, אַנטציק מיך ניט פֿון זונפֿאַרגאַנג און זעלכע זאַכן נאָך", אַר, 'סענטימענטן'. „ער האָט זיך ניט געוואָלט אַ, פֿון די גרויסע הײַזער און גאַסן", ייִז, משפּחה קאַרנאָווסקי. י. „, ציקנדיק — אַן אַ'ע שיינהייט, לאַנדשאַפֿט א וו.

אַנטצירן — טרוו. .„ציר, ~צירט. אַוועקנעמען צירונגען. מאַכן עס זאָל זײַן אָן (באַ)־צירונגען. אַ, דעם יובֿל־שריפֿט. אַ, די בינע.

אַנטקאַלכן — טרוו. ~קאַלך, ~קאַלכט. באַפֿרײַען פֿון קאַלך. אַרויסציִען, אַוועקוואַשן, אַוועקקראַצן פֿון עפּעס דעם (איבעריקן) קאַלך. אַ, די ווענט. אַ, די וואַרבלען פֿיג. אַ, דעם מוח.

.

אַנטקאַנאָניזירן — טרוו. ־זיר, ~ קאַנאָניזירט. נעאָל. מאַכן עס זאָל מער ניט זײַן קאַנאָניזירט. „זיי מעגן אַ, דאָס וואָס זיי האָבן

קאַנאָניזירט“, מ. גראָסמאַן, היימיש, אָקט, 1961.
אַנטקומען — אוטוו. ~קום, בּ י ן ~קומען.
1. אַנטלויפֿן. אַנטרינען פֿאַרשווינדן. ניט ווערן.
.
פֿרייד, זאָרג קענען בּאַלד אַ'. „איך זוך אים
אַרום און ער איז גאָר אַ'“. „דער סדר פֿון
אַנדרי מלכים איז ווען זיא אין דיא מלחמה ציהן
דא גענן זיא צום הינטרשטן דער וואַרטן ווען
עשׂ צום לויפֿן קומט דז ער בּעשׂר אַנטקומן
קאַן“, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713. „זי
שלעפּט זיך אַרום איבּער פּוילן זוכן איר אַ'עם
מאַן“, ייִט, פּוילן I. „דיר־נישט מיר־נישט אַ'„,
צײַט, מטטרון. „די אַלטקייט אַנטקומט, די
קנייטשן אויפֿן פּנים גלײַכן זיך אויס און די
שוואַרצע אויגן נעמען פֿלעמלען“, אָפּאַ, 'אין
אַ קעלערשטוב'.
2. זיך אויסדרייען פֿון עמעצן; אויסמײַדן
עמעצן אָדער עפּעס. זיך ראַטעווען פֿון עמעצן.
אַ, פֿון אַ סכּנה. אַ, פֿון אַ בּאַגעגעניש מיט אַ
נודניק. “און, זיא ליפֿן מיט אַננדר גישווינד
און, בּלד און, זיא זײַן דעם יעגר אַנטקומן“,
ספֿר משל הקדמוני פֿאָ, יאָר? [ייִבּל XIII]. “דער
,
געלער זוכט זיך אַ לויז אָרט צו אַ'„, ווײַס,

ווירקלעכקייט, וואַרשע 1925. "מיר איז ניט
גוט ביז צום ברעכן, נאָר איך קען פֿון אים
ניט אַ',,, חג, דער מאַמעס שבתים.
אַ, וו ע ר ן — פּד. ,,די פֿרויען ביידע ווי
זײַלן פֿאַרשטאַרט, אײַנגעקאָרטשעט, די הענט
זענען ווי אַ, געוואָרן", י. מ. ניימאַן, שבת־אויבם,
וואַרשע 1923. ,,וואו איז ער ערגעץ אַ, געוואָרן
פֿון אונטער דער האַנט?,, פּ. בימקאָ.

,

אַנטקייטלען

אַנטקייטלען — טרוו. ־טל, □ ,קייטלט.
1. באַפֿרײַען פֿון קייטלעך (קייטן). אַ, די
הענט. 2. איבעררײַסן אַ קייט. באר התורה
פֿאַרטײַטשט ,לא ירחק חבל הכסף, (קהלת, יב,
□): ,,עס זאָל ניט ענטקעטילט ווערן די
זילבערנע שנור,, [תּי: ,,איידער די זילבערנע שנור
וועט צעריסן ווערן,,]. 3. עפֿענען וואָס איז
פֿאַרקייטלט. אַ אַ טיר.

,

אַנטקליידן — מרוו. ~קלייד, ~קליידט.
אויסטאָן. אַוועקנעמען, אַרונטערנעמען,
אַרונטערציִען, אַרונטערוואַרפֿן קליידער. אַ, די
קינדער. ־ונג.
אַנטקנוילן — טרוו. ~קנויל, ~קנוילט
פֿו.
נאַנדערקנוילן. אויפֿוויקלען. אויספּלאָנטערן. אַ,
דעם קנויל שפּאַגאַט, פֿאָדעם, וואָל. אַ, אַ
פֿאַרפּלאָנטערטן עסק, ענין. אַנטקנוילט —
אַדי. „אַ, וו אַ ריזיקע, קרויזיקע שלאַנג, דער
י
ווינט איז אַרויס פֿון זײַן ענגן געפֿאַנג“, אַלף
כּץ, איק, פּסח תּשי„ט.
אַנטקניפּן — טרוו. ~קניפּ, ~קניפּט.
אויפֿקניפּן. אויפֿקניפּלען. אויפֿבינדן. אויפֿפּלאָנטערן.
„וואָשׂ גאָט טוהט בינדן, קן דער מענש ניכט
אנטקניפֿפֿן“, מאַרשן, לשון זהבֿ, אַמשט תּצ„ד.
־ונג. אויך: ~קנופּן.
אַנטקעגיק — אַדי. נעאָל. אַנשטאָט
אַנטקעגנדיק. „און איבער מענטשן און געגנטן און
איבער וואָלקנס אַ'ע — פֿינקלט מײַן בלאָע
קרוין„, סוצ, וואַלדיקס.
אַנטקעגן — פּרעפּ. דזוו ק ע ג ן , אַ ק ע ג ן .

1. ווײַזט אויף דער באַציאונג פֿון אַ ק ע ג נ ד יק ײַ ט , קעגנערישקייט, אויף אַ פֿײַנדלעכן אײַנשטעל, אויף אַ סתּירה. אַרויסטרעטן אַ, שׂונא. זיך בונטעווען אַ, פּריץ. זיך שטעלן אַ, מסור, קאָנקורענט, פּאָליציי, רובֿ דעות אַזוו. ברענגען ראַיות אַ, עמעצן, קעגן יענעמס מאָטיוון. זיך פּ אַ ר ט ײַ ד י ק ן אַ, אַן איבערפֿאַל, אָנפֿאַל אע. העצן אַ, ײִדן. ריידן אַ, עלטערע. „אוי, אונדזערע פּוילן זענען אַ, ײִדן„, פֿל. „האָט מען אונטערגעשיקט שיפֿן מיט חייל אַ, דיזע מורדים“, אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע 1868. „אַ, זייער אייגענעם שׂכל, אַ, זייער אייגענעם רצון רעדט אין זיי דער כּוח פֿון אַטאַוויזם„, אלחנן קלמנסאָן, דאָס לעבעדיגע וואָרט, קיִעוו 1910. „ער האָט זיך געשטעלט אַ, איר, ווי איינער וואָס וויל ווײַזן אַז ער איז אַ תּקיף“, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. „... וואָס מע וואָלט געקענט אײַנווענדן אַ אַזאַ

,

שריט„, זשיט IX, נ“י 1919. „בלויז קנאה, געלט־ווירטשאַפֿט אַ, נאַטור־ווירטשאַפֿט, שטאָט אַ, דאָרף“, קאָר II. “געבליבן כ'בין מיט ליד אַ, מײַן שיקזאַל“, ראובֿן שטרובעל, 'באַשערטקייט,. סובֿ — „דו ביסט צעבייזט..., צערייצט

פֿון טויזנטער אַ'ס", האָפּ, אין טאָוול פֿון ווענט.
„אָ גרויסער מײַן אַ'!", פּמ, סתּם.
2. ווײַזט אויף אָ ר ט וואָס איז אויף אַן אַנדער זײַט (גאַס, טײַך, גרענעץ אאַזוו). ווײַזט אויף סיטואַציע פֿון קעגנאיבער, וויזאַווי, פֿנימאל־פּנים. בלײַבן שטיין אַ, דעם הויז. אַ הויז

1563

אַ אַ הויז. אַ וואַלד אַ, דעם טײַך. זיצן אַ, מאַן.
,

„זי וואוינט אַ, איר שוועסטער„. „זיי שטייען איינער אַ, דעם אַנדערן, קוקן זיך אָן און פֿאַלן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס". „נאָר מײַן בילד וועט אים אַ, שטיין", פֿל [פּרעפּ אַ, קומט אָפֿט נ אָ כ ן וואָרט]. „איין שיני שטט שטונד אין אַנטגיגן„, בבֿא־בוך, 90. "האָבן די ליכט אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן..., מײַנע כאַפּט אַ קוילעטש, לייגט אַ, די ליכט... עס העלפֿט ניט. די ליכט — קאַפּ־קאַפּ־קאַפּ„, ממוס, טאַקסע. [שטעלן די שבתדיקע חלה אַ, בענטשליכט, וואָס שמעלצן איז אַ סגולה זיי זאָלן אויפֿהערן שמעלצן און גלײַכצײַטיק אַ

דערמאָנונג אַז עס איז פּרײַטיק־צונאַכט און מע טאָר ניט פֿאַרריכטן די ליכט.] „אַ, דער טיר שטייען וואַרשטאַטן“, יר I.

3. ווײַזט אויף אָרט, דירעקט און אומדירעקט, בײַם פֿאַרקלענערן דעם אָפּשטאַנד. ווײַזט אויף יעדער מין צײַטווײַליקער פּאָזיציע. בײַם בײַטן אַ פּאָזיציע וואָס איז בעסער, באַקוועמער. אַרויסרײַטן אַ, דעם חתן. לויפֿן אין גאַס אַ, די מוזיקאַנטן. “איז ער [דער דראַכן] אויש גגאַנגן די פּריזאנט אַנטקיגן אונ, עפֿניט זײַן מויל.....,

□ □

יוסיפֿון, כ!יורדא 1764, ח“ב, ח/ב. „משה האָט אויז גצויגין □שׂראל גאָט אַנטקיגין„,, □ה II, יכ. “האָט ער גענומען די פֿאַטשיילע און האָט זי

-

אויפֿגעהויבן אַ, דער זון, האָט ער
איבערגעלייענט...„, נחב, 'מעשׂה מאַבֿידת בת מלך'.
“די זון זאָל מיר נישט געווען זײַן גלײַך אַ, פּנים“, ממוס, פּישקע „פֿאַר די אויגן, אַ, דער בלענדנדיקער שײַן פֿון לאָמפּ, זײַנען געפֿלויגן בלאָע רעדער“, ווײַס I, ,דער אָרעמער יונג'.

4. ווײַזט אויף אַ צ ײַ ט (וואָס דאַרף אָנקומען, וואָס איז שוין נאָענט). אַ, אָוונט זיך לאָזן צוריק אַהיים. *ניט אַ, נאַכט געדאַכט — ווען מע דערמאָנט אָוונטצײַט אָדער בײַנאַכט אַזעלכע ווערטער ווי: בית־עולם, מת, אַ נאָמען פֿון אַ געשטאָרבענעם וואָס מע האָט וועגן אים געהאַט אַ שלעכטע מיינונג. בײַם באַצייכענען די נאַכט צווישן צוויי טעג: „דאָס איז געשען אין דער נאַכט פֿון זונטיק אַ, מאָנטיק“.

5. ווערט געניצט מיט בּבֿ: וועגן, בנוגע צו, לגבי, אין פֿאַרגלײַך מיט (צו). „אַ, וואָס האָט איר עס געזאָגט?„ „אַ, דעם וואָס איר זאָגט...“ „אַ, אים איז זײַן ברודער אַ גרויסער מענטש (חכם, בר־דעת אע)„. ᷊בלעם איז געווען אַ הונט אַ, אים = ער איז ערגער פֿון בלעמען. “דער פֿײַניקער קען אַמאָל זײַן אומבאַהאָלפֿן אַ, זײַן קרבן„. „ער האָט זיך פֿאַרזינדיקט אַ, פֿאָטער„. „אַלע נבֿיאים לגבי מדרגת משה זענען געווען ווי אַ בעזיאַנע אַ, אַ מענטשן„„ נוצ II, קלו/א. „ווען מע זאָל אַוועקשטעלן די אונטעראײַנטיילונגען פֿון פֿילאָסאָפֿיע... איינע אַ, ד אַנדערע אָדער אַ, דער גאַנצער, קומט ׳ אַרויס...„„ מעריסאָן איבז, ה. ספּענסער, די

ערשטע פּרינציפּן, ווילנע 1937. „אַ, משהן, וואָס דאָס מיינט אָ, דער בּחינה פֿון דעת...„„ תּניא, 240. "לויט גאָגאָל זײַנען די אוקרײַנער רוצחים און שיכּורים צדיקים אָ, ייִדן„, יג, איק, 28 1964 II.

אַנטקעגנאַרבּעטן

אַנטקעגן — אַדוו. אין דער ריכטונג, אָרט, אָנגעוויזן בּײַ אַנטקעגן, פּרעפּ, בּבּ 1 — 3. „רעד ניט אַ'!". „אָט די□ מעדכען וואָס שטייט אַ', אָטאָ שטייט זי ניט ווײַט פֿון מיר" פֿל. „טרײַבּ
,
מיך, זונען־ווינט, צו אײַך אַ'"', קוו, לידער און פּאָעמעט. „אַ, טאַנצט דער גרויער ווינט, צעלאָזן בּרייט די פּאָלעס", הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבּסט. „האָט איינער... אויסגעשריגן און אַ טריט געמאַכט אַ'", ווײַס, דאָס שטעטל. „די קעגנערישע בּרעגן, צו קומען אַ, אין פֿרידן צוזאַמען זיך שליסן", האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966. "צו קידוש־לבֿנה שפּרײַזן חבּדניקעס, און אַ, — ווײַבּער פֿון אַלזשיר", יעקבֿ פֿרידמאַן, פּאַסטעכער אין י□ראל, ת„אָ 1953. "קיינער וועט אַרויסגיין מיך בּאַגריסן וועט אַ',„

רובּ, חורבּן פּוילן.
אַנטקעגן, אַנטקעגנ — קאָנווערבּ (פֿאַרבּונדן מיטן אינפֿ און פּאַר, בּאַזונדער און נאָכן שטאַם אין אימפּ און איצ). גיט צו כּבּ דעם שטאַם פֿון ווערבּ בּהסכּם מיט כּבּ פֿון פּרעפּ אַ נ ט ־ ק ע ג ן , כּבּ 3 — 1, און אַדוו אַנטקעגן.

דאָ איז פֿאַראַן אַ (און אָפּטמאָל אינגאַנצן ניטאָ קיין) דינער אונטערשייד אין בּ צווישן אַדוו און קאָנווערבּ: לויפֿן אַנטקעגן און אַנטקעגנלויפֿן — בּײַם אַדוו ווערט די ריכטונג געגעבּן אַ בּיסל בּולטער; אַזוי אויך: געלאָפֿן אַנטקעגן און אַנטקעגנגעלאָפֿן.

אין אימפּ און איצ קען מען בּאַטראַכטן אָט דעם אַנטקעגן הן ווי אַן אַדוו הן ווי אַ קאָנוןערבּ
לויף (וואָס גיכער) אַ'! איך לויף (
הענדעמפֿענדעם) אַ'.

בּאַטײַט פּון די ווערטער וואָס
ווערן ניט אויסגעטײַטשט ←

דעם ערשטן אות פֿון שטאַס און

האָבּן אין זינען בּ פֿון קאָנוועבּ.
אַנטקעגנאיבּער — אַדוו & פּרעפּ. דזוו

אַנטקעגן, פּרעפּ, בּבּ 3 — 1. אויף דער צווי ־
טער, אַנטקעגנדיקער זײַט. וויזאַווי. קויפֿן עפּעס
אין קראָם אַ'. די וואַנט פֿון אַ'. „זי האָט...
די טיר... געלאָזט אָפֿן שטיין אַ, מײַנע„,

ווײַס I ו, 'אָפּגעשטויסן'. „מרדכי האָט זיך
געזעצט אַ, דעם געעפֿנטן קיכטירל“, רחל קאָרן,
ערד. „איר אַ, זיצט אין שטוב בּײַם אָפֿענעם

פֿענצטער“, חג, טמז, 22 1962 I ־דיק —

.

אַדי. „ער זעט ווי אין אָפֿענעם פֿענצטער פֿון
אַ'ן רבּין...„, ווײַס II, 'דער איבּערגאַנג..
פֿון דער אַ'ער זײַט וואָס האָט בּיז איצט
פֿאַר„
דעכטיק געשוויגן, האָט זיך אַ שאָט געטאָן
אַ האָגל פֿײַער“, כאַים זילבּערמאַן, ווי לאַנג איז

עט געווענ, מאָסקווע 1948.
אַ'אײַלן אַ'אינטריגירן
אַנטקעגנאַרבּעטן — אוטוו. ־עט אַנטקעגן,
~געאַרבּעט. [פֿערזאָן אין דאַטיוו]. אַרבּעטן
מיט אַ פֿאַרקערטן ציל, כּוונה. טאָן אַ

קאָנטעראַרבעט. אַרבעטן קעגן עפּעס אָדער עמעצן.

„... געשיקט געוואָרן קיין אַביסיניע צו ד□
פֿאַלאַשן, זיי צו שטאַרקן, באַפֿעסטיקן זיי אין
ייִדישקייט און אַ, די מיס'אָנערן“, צײַט, טמז
□

14 □ 1957 .I

אַנטקעגנבּרענגען

אַ'באַוואָפֿענען	אַ'בײַסן
(זיך)	אַ'בילן
אַ'באַלאָטירן	אַ'בלאָזן
אַ'באַלאַנסירן	אַ'בלאָנדזשען
אַ'באָמבאַרדירן	אַ'בלאָנקען
אַ'באַפֿאַלן	אַ'בלאָפֿן
אַ'באַרימען זיך	אַ'בליאַסקען
אַ'באַרעדן	אַ'בליען
.	
אַ'באַרעכענען	אַ'בליצן
אַ'באַשולדיקן	אַ'בלענדן
אַ'באַשיצן	אַ'בעבען
אַ'בודזשעטירן	אַ'בעטן
אַ'בויען	אַ'בענקען

אַ'בויערן אַ'בּראָדזשען
אַ'בּוכצען אַ'בּראַקירן
אַ'בּורטשען אַ'בּר􏰀גזן זיך
אַ'בּושעווען אַ'בּרומען
אַ'בּייגן אַ'בּרײַען

אַנטקעגנבּרענגען — טרוו. בּרענג אַנטקעגן, ~געבּראַכט, ~געבּרענגט. 1. בּרענגען, טראָגן, דערלאַנגען עפּעס (אַ זאַך) אַנטקעגן, אין פֿאָרנט פֿון עמעצן. "דיא שׂררה פֿון וורמיישא האבּין אים גיבּראַכט דען שליסל פֿון מקום אַנטקיגן,,, 'איין נײַא קלאָג ליד פֿון חורבּן ק,,ק וורמיישא', אַמשט 1723 [פֿש III].
,,זײַ זיך מטריח און קום אַליין דאָס אָפּנעמען. איך וועל דאָס דיר ניט אַ',,.
2. (אָפּ)ענטפֿערן, אויפֿווײַזן, פֿירלייגן, אויסלייגן (מיט רייד אָדער אין כּתבֿ). אַ, היפּוכדיקע בּאַווײַזן, אַרגומענטן, ציטאַטן. אַ, אַ פּסוק פֿון אַן אַנדער מקור. אַ אַן אַנדער פּלאַן,
,
פֿאַרשלאָג. אַ אַן אַנדער ראַיה.
,

􏰀

אַ'גאַלאָפּירן אַ'גאַראַנטירן

יְ

~געגאַנגען. 1. גיין, קומען (עמעצן אָדער עפּעס) אַנטקעגן. (דערנענטערן זיך צו) עמעצן גייענדיק. אַ, דער מאַמען פֿונדערווײַטן גייט

.

מיר אַ'.... „מיט טרערן האָבּ איך מיר אַ וועג אויסגעשניטן, ווען איך בּין דיר צו דער ארבּעט אַנטקעגנגעגאַנגען" פּל. „בּין איך אים —

,

מיט גרושיר שווארמוט אַנטקיגן גאַנגין אונ, קוים מײַן מויל קענין אויף טון", גה, 182. "דשׂ (מזל מאדים) טוט אים אַנטקיגן גין", ספֿר משל הקדמוני פֿפֿאָ, יאָר? „געדאַרפֿט

נע

מען דעם פֿערד־יונג הינטערן אָרעם און מיט אים אַ, דעם מאַן", אָפּאַ, 'בּ אַנקע'. "צו וואָס

,

האָט גאָט געבּענטשטע פּיס געגעבּן? מע זאָל מיט זיי אַ, דעם טויט?", סעג, איצטער. *זאָל דאָס אים אַ, = זאָל ער קריגן זײַן שטראָף פֿאַר דער עוולה, אומרעכט אע.

2. מקבּל־פּנים זײַן. בּאַגריסן, אויפֿנעמען,

אַנטפֿאַנגען עמעצן (מיט כּבֿוד, דרך־ארץ). אַ,
מיט ליכט, מיט מוזיק, מיט אַ קאַפּעליע. אַ,
בּתופּים ובּמחולות. אַ, דעם רבּין. אַ, חתן־כּלה.
א, דער ספֿר־תּורה פֿריידיק אַ, דעם
מאָרגנ— □
שטערן. “די הייליקע אַמהות וועלן (זאָלן) דיר
א'‘‘ פֿון אַ תּחינה. אַ, מיט ליכט =
אַרויס— , □
קדקן אדיף עמעצן (עפּעס) מיט אדמגעדדלד;
אומגעדולדיק וואַרטן אויף עמעצן אָדער עפּעס.

1564

אַ, מיט מוזיק, מיט אַ קאַפּעליע = מקבּל־פּנים
□

זײַן מיט גרויס פּאַראַד. „ווען מן שבּת צו
מורגן הלט אַן נשמת, זאָ גיט דז קהל דעם
חתן אַנטיגגן אונ, גין מיט אים אין דיא שול,,,
מנהגים... דורך דאז גאַנץ יאַר, וינידיג ש,,ן
[ווענעציע 1590], ע/ב. „גאָטס קלעזמער מיט
די בּלויע פֿידלען וועלן אויך אונדז אַ'‘‘, י□ גקבֿ
□רידמאַן, די לעגענדע נח גרין, נ,,י 1960.

3. נאָכקומען. אײַנגיין אויף אַ פּשרה. אַרויסווײַזן פֿאַרשטענדעניש. זײַן בייגעוודיק. ניט זײַן אײַנגעשפּאַרט. אַ, עמעצנס טענות. אַ, מיטן פּרײַז. אַ, אין מסחר. אַ, אין אַן אָפּמאַך, אין אונטערהאַנדלונגען. אַ, יענעם האַלבוועגס.

4. אַרכ. זיך קעגנשטעלן. זיך ווערן. שטעלן ווידערשטאַנד. „אוב זיך איינר וואָלס אויש ריכטן איין אַפּיטרופּסות ע„י גוים,... רו"ט און, כל הקהל זײַן מחויבֿ אים אַנקיגן צו גין, אַז דאז ניט צו גישטטן איז בכל אופֿן כלל„, תקק. "דען מיר קומין בבּרית ובאלה און, זענין מקבּל עלינו בקשר חזק ואמיץ דז מיר וועלין דען זעלביגען אַנטקיגן גיין און, רודף זײַן עד חרמה", 'כּרוז יערסלף, תּי"ו', 1640 [ימtראל היילפּרין, ועד ארבּע אַרצות, ירושלים תש„ה]. „דא זאָל ער דעם יצר הרע אַנטקיגן גין און זאָל אים ענטפֿרן אין זײַנר גידאַנקן: גיא־וועק דוא יצר הרע", לט 1, יט/א. "ווען איינר ווידר דײַן כּבֿוד דער דיר גיבירט טוט מאגשׂטו אים לשם שמים אַנטקעגין גיאן„, עיון, י/א.

אַנטקעגנגלאַנצן — אוטוו. גלאַנץ אַנטקעגן, ~געגלאַנצט. 1. אָפּשלאָגן, צוריקשלאָגן מיט אַ גלאַנץ. צוריקגלאַנצן. אָפּגלאַנצן פֿונוויַטנס

„ .

האָט דער שוואַרצער ים, ווי אַ ריזיקער שפּיגל,
בלאַסלעך פּרימאָרגנדיק אַנטקעגנגעגלאַנצט“,

,

בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. 2.
אַנטקעגנגיין מיט אַ גלאַנץ אין די אויגן. “ער האָט
מיר אַזוי וואַרעם אַנטקעגנגעגלאַנצט אויף דער
גאַס פֿון ניו־יאָרק, אַרויסגעשטראַלט פֿון די
אַלטע אויגן“, קאָר II.

אַ'גלאָ□ן □עז

ז זיר אַ'גל □ען

אַ'גליט עט

ל

עק

אַ'גל

אַ'גלימערן אַ'ג

אַ'גלינצערן אַ'געבן

אַנטקעגנגעשטעלט — אַדי, פּאַר

אַנטקעגנשטעלן ←. אַ'ע קאָנטראַסטן. אַ'ע ראַיות.

—קייט — “ער ווײַזט זיי ניט פֿון דרויסן,
ניט אין אַ„ נאָר פֿון אינעווייניק“, מ ליטווין,
גק, No 44.

אַ'גראָבן אַ'דאַנקען

אַ'גריסן אַ'דינען

אַנטקעגנדיק — אַדי. 1. וואָס איז (געינט
זיך) אַנטקעגן, אַנטקעגנאיבּער. וואָס איז
וויזאַווי. אַ'ע זײַט. אַ'ע ווינקלען (מאַט).
א'ע קנאָספּן (בּאָט) פֿון דער אַ'ער
-
.
שטובּ... האָט אים אַ ליכטיקייט...
פֿאַרכאַפּט“, ווײַס I, 'איינער אַ מענטש'. „שטייט
און קוקט די צווייטע ריזיקע פֿיגור שטײַף,
ווײַט אַ, — געדענקסט?“, הל, 'מײַן טאַטע'.
„דאָס דווײַבּל, אויף דער אַ'ער בּאַנק, איז
געלעגן אײַנגעוויקלט...,„ בּ. דעמבּלין, צוויי און

אַנטקעגנטראָגן

אַ דריטער. 2. פֿאַרקערט. היפּוכדיק. וואָס
איז ניט אין איינקלאַנג מיט.... אַ'ער
פֿאָרשלאָג. אַ'ער פּלאַן. אַ'ע ריכטונג — וואָס
איז אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. 3. וואָס
איז קעגנזײַטיק. אַ'ע טובֿות. אַ'ע בּאַגריסונגען.
—יקייט.

אַ'דרן אַ'דרילעווען

אַ'דרו אַ'דרילן

אַנטקעגנדרימלען — אוטוו. נעאָל.

איבערדרימלען, דורכדרימלען (ביזן אָנקום פֿון...).

,,כ'קום צו אַ שיידוועג און זאָג: דאָ וועל איך

א, דעם טאָג“, יג פֿון מײַן גאַנצער מי.

—

,

אַ'דר□ע)געז אַ'וואַ□□ן

ד

אַ'דרי אַ'הינ

אַ'האַווקען אַ'וואַנדערן

אַ'האַלטן אַ'וואַנדרעווען

אַ'האַמ□□ אַ'ודאַ□□□

ר ס

אַ'האַנד ן אַ'וואַ

אַ'האַקן אַ'וויבּרירן

אַ'האָרעווען אַ'וויינען

אַ'הוזשען אַ'ווייען

אַ'היטן אַ'ווינטשן

אַ'הייבּן אַ'וויקלען

אַ'הילכן אַ'ווירבּלען

אַנטקעגנווירקן — אוטוו. קעגנווירקן. מאַכן

עס זאָל ווירקן אַנטקעגן. דורך (מיט) אָנווענדן

פֿאַרשיידענע מיטלען אָפּוּוערן, אָפּשלאָגן
פֿאַר,
היטן פֿון סכּנה, דרוק פֿאַרשרייַבן אַ רפֿואה
.
אַנטקעגנצף̈ווירקן דער אינ עקציע, דער
אָנצינדונג. אָננעמען מיטלען אַנטקעגנצוּווירקן
אַסימילאַציע, אַנטיסעמיטיזם ־דיק — אַדי. ״אַ,
.
דעם סם־המות פֿון פֿאַרצווייפֿלונג מיט בּטחון
אין ענדגילטיקן נצחון,,, בּ. ריווקין,
גרונטטענדענצן.. ־ונג.
אַ'וועגן אַ'זעצן
אַ'זיד אַ'זשוליקן
ען אַ'ה זקן
אַ'זאָג

אַ'זיַין אַ'הנפֿע(נע)ן
אַ'זינגען אַ'השבּונען
אַ'זיפּצן אַ'התמע(נע)ן
אַ'זיצן אַ'טאַדלען
אַ'זעגן אַ'טאָן
אַנטקעגנטאַנצן — אוטוו. 1. גיין, קומען
עמעצן אַנטקעגן טאַנצנדיק. אַ, חתן־כּלה.

שבֿועה: „איך זאָל אַזוי אם־ירצה־השם מײַן מיזיניקל מיט אַ חופּה־קוכן אַ'". 2. (אַרום)־טאַנצן, (אַרום)שפּרינגען בײַם אונטערהנפּענען. אַ, דעם בעל־הבית. אַ אַ חשובֿן גאַסט. אַ אַ

, ,

שיינער פֿרוי. 3. טאַנצנדיק, שפּרינגענדיק אָנזאָגן פֿריידיקע נײַס. אַ, די שכנים מיט אַ גוטער בשׂורה.

אַ'טומלען אַ'טענהן
אַ'טײַטלען אַ'טענצלען
אַ'טײַטשן אַ'טעראָריזירן

אַנטקעגנטראָגן — טרוו. טראָג אַנטקעגן, ~געטראָגן. 1. טראָגן, האַלטן עפּעס (אַ זאַך) אַנטקעגן, אין פֿראָנט פֿון עמעצן. אַ, ברויט און זאַלץ. אַ, דעם שליסל פֿון דער שטאָט. אַ, אַ בוקעט בלומען. אַ, אַ שיינע

אַנטקעגנטרעטן

מתּנה. א אַ חובֿ. אויך פֿיג. אַ אַ ברייטן

, ,

-

שלום־עליבם, אַ גוטמוטיק און צעשטראַלט
פּנים. אָ אַ זויערע מינע. 2. אָנזאָגן,
איבּער,
געבּן (עמעצן). אַ, אַ ידיעה, נײַס. אַ, אַ
פֿריילעכע בשׂורה. אַ, אַן אומגליק.
מיט ז י ך — „אַ געשמאַקער ריח טראָגט
זיך אַנטקעגן„. „וויא איך נון ניט ווײַט מק"ק
מיץ קומין בין, איזט אונשׂ בּתּי הצנועה אסתּר
תּי אַנטקיגן גיקומין... אונ, זיך [אין] אייניר

זעניפּט איר מוטיר לכּבֿוד לאזין אַנטקיגן
טראגין„, גה, 295. ־עניש. ־ער.
אַ'טרויערן אַ'טרומייטערן
אַ'טרײַבּן אַ'טרייסלען
אַנטקעגנטרעטן — אוטוו. טרעט אַנטקעגן,
ה אָ בּ & בּ י ן ~געטראָטן. 1. (אַרויס)טרעטן
אַנטקעגן עמעצן, אין פֿראָנט פֿון עמעצן; מאַכן
עטלעכע טריט און זיך שטעלן אַנטקעגן עמעצן
(עפּעס). אַ, דעם ריכטער, דעם קאָמאַנדיר. אַ,
דעם לערער און ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע.
2. זיך קעגנשטעלן עמעצן; אָפּענטפֿערן אויף
(עמעצנס) אַן אַרויסטריט. אַ, דעם דעפּוטאַט.
אַ, דעם אַרטיקל אין צײַטונג און אָפּענטפֿערן.
אַ'יאָג יובֿ ...)

אַ'ביש␦ ז
ן
(זי   אַ אָמ ר
אַ'יום
י,

-

אַ'כאַפ␦.יען   אַ'כראַק␦ ז
אַ'כאָרכל

אַ'כמאַ
אַ'לאַגערן   אַ'לאָזן
אַנטקעגנלאַכן — אוטוו. לאַך אַנטקעגן, ~
געלאַכט. 1. לאַכן אַנטקעגן; רעאַגירן,
אויסדריקן עפּעס מיט אַ געלעכטער. אַ, עמעצן אין
פּנים אַרײַן. ,,ער האָט אים אַנטקעגנגעלאַכט,,,
חג, צמח אַטלאס 2 .II. באַגריסן,
אויפֿנעמען, באַגעגענען עמעצן לאַכנדיק. אַ, די שכנים,
די קינדער.
אַ'לאָמ␦ן   אַ'לויב␦..ן
אַ'לויכ ן   אַ'לויע

אַנטקעגנלויפֿן — אוטוו. לויף אַנטקעגן, בּ י ן ~געלאָפֿן. 1. לויפֿן און צוקומען צו עמעצן (עפּעס) אַנטקעגן, אין פֿראָנט פֿון עמעצן (עפֿעס); דערנענטערן זיך צו עמעצן (עפּעס) לויפֿנדיק. אַ, טאַטע־מאַמע מיט אַ גוטער

בשׂורה. אַ, דעם בריוונטרעגער. ,,אַזוי ווי חיימעני איז צו די עלטערן אַהיימגעפֿאָרן, זענען די עלטערן אים אַנטקעגנגעלאָפֿן", פֿל. ,,דא די פֿרויא זאַך רבי יוחנן קומן, דא לויפֿט זיא אים אַנטקעגין אונ שפּראַך,,, לט1, מב/ב. ,,דער קנעכט איז איר אַנטקעגנגעלאָפֿן און ער האָט געזאָגט: לאָז מיך טרינקען...,,, חחת, בּראשית, כד, 17.

2. (מיט כּבֿוד, דרך־ארץ אָדער חניפֿה) מקבלפּנים זײַן עמעצן; באַגריסן, באַגעגענען, אויפֿנעמען עמעצן און דערבײַ אונטערשפּרינגען, אונטערלויפֿן מיט קליינע טריט. אַ, דעם פּריסטאַוו, דעם קנעפּל. אַ, דעם בּעל־הבית, דעם פּריץ. ־עניש.
אַ'ליאַרעמען אַ'ליגן

אַנטקעגנלייגן — טרווו. לייג אַנטקעגן, ...,, געלייגט. 1. (אַוועק)לייגן עפּעס אַ זאַך אַנטקעגן עפּעס (עמעצן). לייגן עפּעס אין דער

אַנטקעגנאיבערדיקער זײַט. אַ אַ טרעטער, מע

זאָל ניט אײַנבּרודיקן די פּאָדלאָגע. אַ, דער
מאַמען דאַס קינד. אַ, עמעצן אין דער צווייטער
בּעט. אַ, אַ פּעקל בּײַם שכנס טיר.

2. אָפּענטפֿערן אַן אַרויסרוף, אַן
אַרויספֿאָדערונג. אַרויסשטעלן, קעגנשטעלן אַ פּאַסיקן
עקוויוואַלענט צו עפּעס. אַ, געלט בײַן אַן אָנבּאָט
(אין אַ געוועט). אַ, געלט אין אַ געשעפֿט און
האַלטן עמעצן בײַם וואָרט. אַ, ראַיות און
אָפּשלאָגן די טענות פֿון בּאַשולדיקער. ־עניש.

אַ'לײַכטן	אַ'לײַען
אַ'מאָבּיליזירן	אַ'מאַכן
אַ'מאַניען	אַ'מאַנעווירן
אַ'מאָנען	אַ'מאַרשירן
אַ'מויערן	אַ'מישן
אַ'מלאָכהן	אַ'מעלדן
אַ'מעסטן	אַ'מעקען
אַ'נאָמינירן	אַ'ניואַנסירן
אַ'נייגן	אַ'נייען
אַ'נעמען	אַ'נעסטן

אַ'סאָפּען אַ'סטאַרטשען
אַ'סטאַרען זיך אַ'סטראַשען
אַ'ספּעקולירן אַ'עגבערן
אַנטקעגנפּאָרן — טרוו. פּאָר אַנטקעגן, ~ געפּאָרט. „מע האָט זיי ניט צונויפגעפּאָרט, מע האָט זיי אַנטקעגנגעפּאָרט„.
אַ'פּויזען אַ'פּויקן
אַ'פּײַקלען אַ'פּיסקעווען
אַ'פּלאַנירן אַ'פּלאַנע(ווע)ן
אַ'פּלאַפּלען אַ'פּלוידערן
אַ'פּליאָטקעווען אַ'פּרעדיקן
אַ'פּרעסן אַ'פּאָדערן
אַ'פּאָכן אַ'פּאַלן

-

אַנטקעגנסאָרן — אוטוו פּאָר אַנטקעגן, בּ י ן
.
;אַנטקעגן (עמעצן) פּאָרן 1 .געפּאָרן..,„

.
דערנענטערן זיך צו עמעצן פּאָרנדיק. אַ, אויפן

צווייערדל דעם אויטאָ און שיִער ניט געהרגעט ווערן. אַ, די פּוסגייער־סאָלדאַטן. „די אַ'דיקע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס, וואָס זײַנען געזעסן אָדער געלעגן אויסגעצויגן אויף די הויכע אונטערוויגנדיקע וועגענער„, נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע 1965. 2. מקבלפּנים זײַן, באַגעגענען עמעצן דורך אַרויספּאָרן אַנטקעגן. אַ, חתן־כלה. „נון זענין הנשי, החשובֿי, הנ״ל דיא מיר אנטקיגן גיפּארין ווידר אַהיים גנגין מיט היפּליכי אַנטשולדיגונג“, גה, 295.

אַ'פּיבּערן אַ'פּײַפּן
אַ'פּינקלען אַ'פּירן
אַ'פּלאַקערן אַ'פּלייצ□ז
אַ'פּלאַטערן אַ'פּלאַמ

אַ'פּליסן אַ'פּל□ען
אַ'פּ□עגן אַ'צאָל□ען זיר
כלען אַ'פּריי
אַ'פּ
אַ'צאַפּלען אַ'צאָרנען
אַ'צוויטערן אַ'צוימען
אַ'ציטערן אַ'ציילן

אַנטקעגנציען — אוטוו. צ אַנטקעגן, ,
גע. י
צויגן. 1. ציִען, שלעפּן עפּעס אַנטקעגן, אין

-

אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. מיט שטריך אַ, די

אַנטקעגנקומען

קלעצער. אַ, עלעקטרישע דראָטן. 2.
אָפּענטפֿערן אויף אַן אַרויסרוף, אַרויספֿאָדערונג, סכּנה
דורך אַרויסציִען עפּעס ווי אַ קעגנווירקונג צו
עמעצנס אַן ענלעכער טואונג (באַוועגונג). אַ,
אַ שווערד, מעסער, רעוואָלווער פֿון שייד. אַ,
די פֿאָן אויף דער שיף ווי אַן ענטפֿער אויפֿן
סיגנאַל פֿון דער מאַרבײַפֿאָרנדיקער שיף. 3. אַ
-

לענגערע צײַט גיין, זיך שלעפֿן און צוקומען,
אָנקומען אַנטקעגן עמעצן אָדער עפּעס. די
מחנה פּליטים האָבן אַנטקעגנגעצויגן צו דער
אָנקומענדיקער אייגענער אַרמיי.
אַ'קאַטשען אַ'קאָלערן
אַ'קאַלקולירן אַ'קאָמבינירן

אַ'קאַנדידירן   אַ'קוואַלן

אַ'קוויטשען   אַ'קויקלען

אַנטקעגנקומען — אוטוו. קום אַנטקעגן, בּ י ן ~געקומען. 1. גיין (צו)קומען אַנטקעגן עמעצן (עפּעס); (אָנ)בּאַגעגענען, דערנענטערן זיך צו עמעצן גייענדיק. אַ, מיט פּולן, מיט ליידיקן. „איז אונדז דער שׂונא אַנטקעגנגעקומען, האָט ער אונדז געפּײַניקט, אין פּלען אַרײַנגענומען“ פּל. „וועט ער געבּן זיך אַ וואָרף אויפֿן פּעלד און אויפֿן דאָרף, וועט אַ, גלײַך יעדער שטראָם און יעדער טײַך“, יהואָש, 'פּרילינג, פֿון יענע טעג אָן אויף אַלע מײַנע ...' ווען גייט מיר נאָך זײַן אָפּבּילד און קומט מיר אַנטקעגן“, הל, 'איך דאַנק פֿאַר אַלץ'.

2. מקבּל־פּנים זײַן. בּאַגריסן, אויפֿנעמען, אַנטפֿאַנגען עמעצן מיט כּבֿוד. אַ, דעם חתן, דער כּלה. אַ, מיט ליכט, מיט מוזיק, מיט אַ קאַפּעליע. אַ, בּתופּים ובמחולות. „אַז מע טרעפֿט אָן אַ לוויה זאָגט מען: זאָלן גוטע מלאָכים דיר אַ'„, ייִבּל XI־II. „דעם רבּן שמעון זײַנען די מלאָכים אַנטקיגנקומען“, לט1, כט/א. „און אָט איז מײַן פּאַלאַץ — דער שײַער דער

ווײַסער, פֿון זילבערנע שטרויען געפֿלאָכטן. ס'קומט קיינער אַנטקעגן, ס'קומט קיינער באַגעגענען", סעג, קאַפּריזן.

3. אײַנשטימען. נאָכגעבן. מושווה ווערן. □ דורכקומען. גיין, גרייט זײַן אויף אַ פּשרה. אַ, מיטן פּרײַז, מיטן מקח. אַ, יענעם האַלבוועגס. 4. האָבן אײַנזען (אײַנזעעניש) מיט עמעצן; אַרויסווײַזן פֿאַרשטענדעניש. באַפֿרידיקן. אַ, נײַע באַדערפֿענישן. אַ, יענעמס פֿאַרלאַנג. 5. מקוים ווערן. געשען, פּאַסירן. ווינטשעוואַניע. „לאָז דאָס מיר אַ, וואָס איך ווינטש אים„. "און זאָל דאָס דיר אַ, פֿול מיט גלי און רייץ", סוצ, בלאָנדער באַגינען. קללה: „זאָל דאָס אים אַ, וואָס ער, דער שׂונא, ווינטשט מיך".

אַ □ל□ן אַ □ל□ □ז

אַ, יבּ צן אַ, ייִ ל

□-

אַ □נאַ□לע)ז זיך

, אַ □גאַק□ן

אַ, ליג אַ, לינג

ן

אַ'קעמפֿן אַ'קערן

אַ'קראַכן אַ'קרײַזן

אַ'קריכן אַ'קרעכצן

אַ'ראָטן אַ'רודערן

אַ'רויש□עז אַ'רינע□

אַ'רײַט

אַ,

□ -

רימ□

אַנטקעגנרעדן

אַנטקעגנרעדן — אוטוו. רעד אַנטקעגן, ~ גערעדט. פּפֿ: ~ריידן. 1. ריידן, אַרויסטרעטן קעגן; זיך קעגנשטעלן. ניט מסכּים זײַן מיט עמעצן. „ער האָט פֿײַנט אַז מע רעדט אים אַנטקעגן“. „צום שלים־מזל קען ער אַ ביסל רוסיש, רעדט ער אַנטקעגן“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. 2. (אָפּ)ענט□ערן אויף צוריק (חוצפּהדיק). אַ, דעם טאַטן, דעם לערער.

אַ'רעשן אַ'שאַלן

אַ'שאַרן אַ'שווימען

אַ'שוועבן   אַ'שטאַמלען
אַ'שטאַרצן   אַ'שטויסן
אַ'שטופּן   אַ'שטײַגן

אַנטקעגנשטיין — אוטוו. שט אַנטקעגן,
יי.
בּ י ן ~געשטאַנען. 1. שטיין פּנים־אַל־פּנים, וויזאַווי,. אַ, און זאָגן וואָס מע טראַכט. „דער ייִדישער אַרבּעטער אָבּער האָט געקענט פּאַרקויפּן זײַן אַרבּעטקראַפּט נאָר די שטאָטישע קאַפּיטאַליסטן, ד„ה אויפּן אַרבּעטמאַרק איז ער אַנטקעגנגעשטאַנען אַ סך אַן ענגערן קרײַז פּון קאַפּיטאַליסטן“, ע. טשערנ אַווסקי, דער
□

ייִדישער אַרבּעטער אין ווײַסרוטלאַנד, מינסק 1932. 2. אַרויסשטעלן אַ ווידערשטאַנד; זיך קעגנשטעלן. „דא האבּן זיא גיפּילט גיפּעק אונ, זעק. עז איז אין נימנט אַנטגיגן גישטנדן“, ווינץ□

אנטקעג□ועל — דער, ־ן. אַקט פּון
אַנטאַ'שטימ   אַ'שטעכן

קעגנשטעלן זיך. ווידערשטאַנד. „איז אונדזער
אַ, געווען אַ סימבאָלישער“, יג, טמז, 1953
29 III. אַזוי אויך ביר פּרגל: קעגנשטעל —

אווו אַקעגנשטעל — ימ ־יק — אַדי.
אַ'ע בלעטער (באָט).

אַנטקעגנשטעלן — טרוו שטעל אַנטקעגן,
~געשטעלט. 1. (אַוועק)שטעלן עפּעס
אַנטקעגן, וויזאַווי פֿון עמעצן. אַ, אַ מאַנעקען אין
פֿראָנט פֿון די קונהטעס. ״ווילשטו דײַן חבר
פֿון איין עבֿירה אפּווערן, מאגשטו אים איין
שווערט אַנטקעגן שטעהלן און ווער די עבֿירה
ווערט טאָן, מיט דען שווערט ווערט ער דער
שטאָכן ווערן“, עיון, מה/ב.
2. אַרויסברענגען עפּעס (באַווײַז, ראַיה,
מיינונג, געדאַנק אע) וואָס זאָל אָפּפֿרעגן, אָפּשלאָגן,
אָפּענטפֿערן טענות פֿון אַ צווייטן צד. אַ, אַן
אַנדער פֿאָרשלאָג. אַ אַ טענה. אַ אַ באַווײַז.

▯

,,איז ניטאָ קיין איין מיינונג, וואָס עס זאָל נישט זײַן לײַכט איר אַנטקעגנצושטעלן אַ מיינונג, וועלכע איז פּונקט דער היפּוך פֿון איר“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער 3 .II.
אַרויסלייגן אָדער אַרויסשטעלן עפּעס אַנטקעגן. אַ, געלט אין פּאָקער־שפּיל. אַ, אַן אַרמיי דעם שׂונא. אַ אַן אַדוואָקאַט.

,
מיט ז י ך — זיך ווערן, זיך פֿאַרטיידיקן קעגן עפּעס אָדער עמעצן. רעזיסטירן. אַ, זיך דעם רעזשים. ,,זיך אַ, אַלץ וואָס האַלט אָפּ פֿון ליבשאַפֿט צר גאָט“, תּניא, 138. ,,קהל האָט געמוזט זיך אַ, די גבֿירים“, ימ, שד II ▯. “די דראַמע פֿון אַ שטאָלצן אַלטהיימישן ייִדנס אַ, זיך דעם גײַסט אָדער, ריכטיקער, דער גײַסטלאָזיקייט“, שנ, ה לייוויק. “ביילטשע איז איצט געלעגן אויסגעשטרעקט... די פּיס האָבן זיו

1566

אײַנגעשפּאַרט אין דעם בעטווענטל... און אַזוי אַרום אַנטקעגנגעשטעלט זיך דער נײַער,

אָנקומענדיקער כוואַליע פֿון ווייען,,, רחל קאָרן, ערד.
־ונג. ־עניש.
אַנטקעגנשטעלעריש — אַדי. וואָס האָט די
טבֿע זיך אַנטקעגנצושטעלן. ,,דער
אויפֿגעוועקטער און אַ'ער ליבעראַליזם“, יג, טמז, 1957
IX 22. ־קייט.
אַ'שטראַלן אַ'שטראָמען
אַ'שטרעבן אַ'שטרעקן
אַ'שטשירען אַ'שיבן
אַ'שיטן אַ'שײַנען
אַ'שימערן אַ'שיסן
אַ'שיפֿן אַ'שיקן
אַ'שלאָגן אַ'שליטלען זיך
אַ'שלײַדערן אַ'שלעפּן
אַנטקעגנשמייכלען — אוטוו ־כל אַנטקעגן,

.

~געשמייכלט. אויפֿנעמען עמעצן מיט אַ
שמייכל. אַנטקעגנטראָגן עמעצן אַ שמייכל. אַ,
און צפּווינקען מיט די אויגן. “די לבֿנה
שמייכלט מיר אַנטקעגן,,, פּינסקער שטאָדט־לוח,
תּרס“ד. “די פֿרוי האָט... אַנטקעגנגעשמייבלט
מיט גרויסע שײַנענדיקע אויגן“, חג, צמח
אַטלאַס.
אַ'שנײַדן אַ'שעלטן

אַ'שערן אַ'שפּאַנען
אַ'שפּאַצירן אַ'שפּאַרן
אַ'שפּיגלען אַ'שפּילן
אַ'שפּראָצן אַ'שפּרײַזן
אַ'שפּרייטן אַ'שפּרייען

אַנטקעגנשפּרינגען — אוטוו. שפּרינג אַנטקעגן, בּ י ן (האָבּ) ~געשפּרונגען. 1. שפּרינגען אַנטקעגן, אין פֿראָנט פֿון עמעצן (עפּעס). צוקומען, דערנענטערן זיך צו עמעצן (עפּעס) שפּרינגענדיק. אַ, און אויסכאַפּן די פּילקע. ,,און דאָס וואָס האָט דורות־לאַנג געשמאַכט און געמאָנט איז פֿריידיק אַנטקעגנגעשפּרונגען דעם וואָרט", בּ. ריווקין, גרונט־טענדענצן.... 2. זיך אויפֿפֿירן חוצפּהדיק, שפּרינגען אין פּנים אַרײַן. אַ, דעם לערער ווי אַן עזות־פּנים.

אַ'שפּריצן אַ'שפּרענקלען
אַ'שרויפֿן אַ'שרײַבן
אַ'שרײַען אַ'שרעקן

אַנטקעגענען — אוטוו. ~קעגן, ~קעגנט. נעאָל. קומען אַנטקעגן. בּאַגעגענען, אָנטרעפֿן עמעצן. ,,פֿון שוואַרצער ווײַט אַנטקעגנט דער האַר פֿון ווײַסע שיפֿן,,, סוצ, וואַלדיקס. ,,ווען ער האָט זיך מיט דער קאַמער שטום געזעגנט, בּרידער־בּרכות האָבּן האַרציק אים אַנטקעגנט",

לע, א ייִד אויפֿן ים
אַנטקעגענער — דער, ־ס. נעאָל. דער אָדער דאָס וואָס איז אַנטקעגן. דאָס פֿאַרקערטע פֿון עפּעס. "דער תּענוג פֿון פֿאַרשאַפֿן פּײַן (סאַדיזם) מיט זײַן פֿאַסיוון אַ, (מאַזאָכיזם),,, מון, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
אַנטקערפּערן — טרוו ־ער, ~קערפּערט. נעאָל.

באַפֿרײַען פֿון קערפּער. אַוועקנעמען דעם קערפּער. אַ, די נשמה, זי פֿאַרשלעפּן אין עולמהתוהו. ־ונג. אַנטקערפּערט — אַדי.

אָנטראָגן

,,די אַ'ע נשמות פֿון פֿילאָסאָפֿן", דווקא, No .4647
אַנטקרוינען — טרוו. ~קרוין, ~קרוינט.
1. אַראָפּנעמען, צונעמען די קרוין. דעגראַדירן. אַוועקנעמען חשיבֿות. אַ אַ שרײַבער וואָס איז
,

-

געווען פֿאַררעכנט ווי אַ קלאַסיקער. אַ, די

אינטעליגענציע, די אינטעלעקטואַלן. „ער איז ניט דער איינציקער, וועלכן דער מאָרגן אַנטקרוינט אַ ביסל“, מוק, קוד, 1956. „פּלוצלינג האָב איך מײַן נאָמען אַנטקרוינט, אַראָפּגעזעצט פֿון זײַן גדולה“, י. מאַניק, אַ נאָמען'. 2. מאַכן

,

פֿאַר אויס הערשער. מאַכן מע זאָל אַבדיקירן. אַראָפּזעצן, אַרונטערזעצן פֿון טראָן. צונעמען די מאַכט. אַ, דעם מלך, דעם דיקטאַטאָר.

—ונג — „אַז איך האָב אין אַ יאָר אַרום נאָך מײַן אַ, [אין דער חבֿרה] זיך צערעדט מיט פֿעשען...“, אַר, ,דער אומפּעאיקער טוער'. “ער דערשרעקט זיך פֿאַר אָט דער גײַסטיקער אַ, פֿון זײַן אייגענעם 'גרויסן, פֿאָטער“, אַ. גאָרדין פֿאַש, 15 1964 II.

,

אַנטקרוינט — אדי. “איז איר מירעלע אפֿרת ניט געווען קיין אַריסטאָקראַטין, ניט קיין אַ'ע קיניגין“, מוק, טעאַטער און אידיש טעאַטער פֿאַר דײַן אַ'ן מלכות..קאָפּ דעם

. „ —

בלאָנדן, ברעך איך ווייטאָגפֿול צונויף די הענט“, אצג פֿארנאַכטנגאַלד.

-

,
אַנטקרעסטיקן — טרוו ־טיק, ~

קרעפ̄
-

טיקט. אַוועקנעמען, צונעמען פ̄ון עמעצן
(עפ̄עס) קראַפ̄ט, שטאַרקייט. אָפ̄שוואַכן. מאַכן
עס זאָל ווערן אויס קרעפ̄טיק. אַ, די אָפ̄אָזיציע.
אַ, דעם קעגנער, דעם אָפּאָנענט. אויך מיט
ז י ך — "צומאָל האָט זיך דאָס רעווען ווי
אַנטקרעפ̄טיקט, געוואָרן וואָי, ווי ס'קרעכצט אַ
חיה שטאַרבּנדיק", לע, בּײַם פ̄וס פ̄ון בּאַרג
־דנג.
אַנטראַג — דער, ־ן. דטשמ. נר פ̄אָרשלאָג.
.
„מיר שטעלן דער פּאָליטישער וועלט דעם
ווײַטסטן אַ': אויסגלײַכן די רעכט פ̄ון 'מער,
און 'ווייניק'", פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
„די קאָמיסיאָן האָט דעם אַ, אָנגענומען", משה
קליינטאַן, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרס"ט,

לעמבערג 1908.
אָנטראָג — דער, ־ן. שיכט, אָנשיט וואָס איז
פֿאַרטראָגן פֿאַרשלעפּט געוואָרן דורך
נאַטור־ ,
כּוחות (ווינט, וואַסער, שטראָם, רעגן אע).
„אויף די סאַמע טרוקענע און סאַמע נאָענטע
צום מדבר ערטער, ליגן די פּלאַטאָס פֿון
געלער ערד־שלאַמיקע אָ'ן פֿון הונדערטער פֿוס
די טיף“, א. הינדעס איבּז, אַנאַ לואיזע סטראָנג,
די אומבּאַזיגבּאַרע כינע, קיִעוו 1940. ־ונג —
„די יבשה האָט זיך דאָ פֿאַרגרעסערט צוליב
די אָ'ען פֿונעם טײַך און צוליכ דעם ימיקן
קוואַליעס־שלאָג„, ג פֿרידמאַן איבּז, וו. ק.
אַרסע
ניעוו, דערמו אוזאַלאַ, מינסק 1935.
אָנטראָגן — טרוו. טראָג אָן, ~געטראָגן.
1. אָנבּרענגען, (אַרײַנ)טראָגן עפּעס פֿון ערגעץ
און עס אַוועקלייגן אויף אַ געוויסן אָרט.
אָנטאַסקען. “אַן אָרעמע פֿרוי וואָס טראָגט אָן
האָלץ, וואַסער...„, אמד. „אַלע האָבּן נאָך
געשלאָפֿן, פֿלעג איך מיר דעם אויוון

אײַנאָנטראָגן

הייצן... וואַסער צום קאָכן און צו וואַשן אָ',,,
מסדר אגרת, תּקפּ,,ה. ,,ער פֿלעגט איר שיילן
קאַרטאָפֿלעס, אָנ ילן פֿיש, אָ, און אַרײַנלייגן
האָלץ אין אויוון,,, ממוס, מסעות. ,,פֿאַרטאָג
האָט ער אויפֿשטיין געמוזט און זיך אָנטון
אַליין, און אָ, וואַסער אין פֿעסל און דאַווענען
גיין“, מלה, אין ניו־יאָרק.

2. אָנבּרענגען, טראָגנדיק אויף די הענט,
א סך און פֿאַרשיידנס. אָ אַ שטוב מיט (פֿון)

,

-

כּל־טובֿ. ,,מע האָט דער כּלה אָנגעטראָגן מתּנות
פֿון דער גאַנצער וועלט“. אָ, בּלומען,
טעלעגראַמעס, בּריוו צו דער חתונה. ,,זיכשׂטו וויא
מײַן קינדר איר גובּ אַן טראָגן“, שמואל־בּוך,
סטראָפֿע 15 פֿון אַלע זײַטן האָט מען
אָנגע. ,,
טראָגן ווײַסע בּרויטן און קוכנס [פֿאַר די
ישיבֿה־בּחורים]“, מ. שטריגלער פֿאָר, 1964

,

.I 2

3. אָנשלעפֿן. צונויפֿטראָגן. אָנזאַמלען. צונויפֿשלעפּן פֿון אומעטום אָ, שמאָכטעס אין

.

הויף אַרײַן. אָ, שטיקער אײַזנס, אַלטוואַרג, אַלטע שטיקער מעבל אין שטוב אַרײַן. „אָ, שטיינער, ליים און ציגל צום בוי ן אָדער פֿונאַנדערוואַרפֿן אַ וואַנט“, ממוס, שלמה

4. (אָן אַ כּיוון) מיטבּרענגען (שמוץ און אָנבּרודיקן). אָ, בּלאָטע אויף דער פּאָדלאָגע. אַ, שניי, זאַמד. „נעמט אַ בּעזעם און קערט אויס די מיסט וואָס איר האָט אָנגעטראָגן“, חג, טמז, 4 19 I 17. „גיסן זיך אַהין, אַשטייגער, געלע לוזשקעלעך פֿון זאַמד, מיט וועלכע מע וואַשט די פּאָלן, און טראָגן מיט זיך אָן לישקעס פֿון פֿיש, דרויבּ־פֿיסלעך, קעפּלעך פֿון הינער,„ ממוס, מסעות.

5. אַרײַנטראָגן. (אַרײַנ)בּרענגען רווח, הכנסה. ״עס איז שוין בּרוך־השם בּײַ אונדז ייִדן דאָ הײַזער וואָס טראָגט אָן דירה־געלט לשנה מער וויפֿל דאָס הויז האָט געקאָסט„ א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 1889.

6. אָנשיקן, צושיקן עמעצן (עפּעס) פּלוצעם,

צופֿעליק און לרעה. די קלאָג האָט אים
אָנגעטראָגן! דער שוואַרציאָר האָט אים אָנגעטראָגן.
„אַז מע פֿרייט זיך אויף אַ גוטע(ר) וועטשערע,
טראָגט אָן דער טײַוול אַ גאַסט", שוו. „דאַרף
אָבֿער דער רוח אָ, די צוויי אונטערפֿירערס",
ייִל, קמ, 44 1867, No. „מיר איז געווען אַזוי
גוט, אַזוי וואויל, האָט דער רוח בֿאַדאַרפֿט אָ,
מײַן ווײַבֿ", ממוס, ׀ ישקע. „בקיצור, גאָט
האָט געטאָן אַ נס, אויף דער ערשטער
סטאַנציע טראָגט אָן גאָט אַ בֿאַקאַנטן", שע,
אײַזנבֿאַהן־געשיכטעס "דאָס שטעטל... האָט
געפּטרט די עטלעכע קהלשע רובֿל אויף אַ חזן
וועלכן דער שוואַרציאָר האָט הײַנטיקן זומער
אָנגעטראָגן", אַר, 'די אָרעמע קהילה, פֿריִער
„.
פֿאַר אַלץ דאַרף מען פֿאַרניכטן די בֿריוו. עס
קאָן די זשאַנדאַרמען אויך אַהער אָ',„ נ. לוריע
איבֿז, סאָוו, היימלאַנד, 2 1962, No. "קיינער
קען נישט וויסן וואָס פֿאַר אַ ,קאָפּווייטיק, דער
נישט־גוטער קאָן אָ,", יוסף שיינהייט,
אַמעריקאַנער, 0׀19 I ׀ו 17.
7. מיטבֿרענגען און גורם זײַן צו עפּעס,
אויסווירקן. „קען זײַן אַז ער איז גאָר אַ

קנעכטס אַ זון און וועט אָ, אונדזער טאָכטער
[דאַטיוו] אייבּיקע שאַנד„, ג, ל, כ, ז, איבּז,
קאַמבּער מיט דער פּרי צעסין אַרעסיניע, ווילנע
1870. „איבּערבּלייַבּעכצן פֿון אַמאָליקן צאַרישן
אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך פֿון יענעם וואָס
היטלערס חיילות האָבּן אָנגעטראָגן בּעת זייער
אָקופּאַציע“, לע, טמז, XII 1964 9. „אין
זשירעווע האָט מען גערעדט, אַז די נאַסע פֿעלן
טראָגן אָן אַלערליי חולאתן צו עליען אין הויז“,
מ. י. שעליובּסקי, איק, פּסח תּשכ“ז.

8. אַרכ. מיי. פֿאָרלייגן. אָנבּאָטן. צורעדן.
“אורייאן וויל אונז אַל לושן דר שלאָגן איין
גרושי ור רעטריי הוט ער אַן גיטראגן„,
בּבאבּוך, 430. „גין טונין מיר בּייא דעם רבּי
אונזרע רעקמדציאהן אַן טראגין / ער טוט אונז
דיא מנוים גלייך אויף זאגין„, 'בּחורים־ליד',
פֿפּדמ 1750 [ייִבּל XIII]. “עץ האָט מיר
אָנגעטראָגן אַז עץ ווילט מיך מאַכן צו רבֿ איבּער
אייך“, ספּורי נפֿלאות, לעמבּערג 1850. „טראָגט
אָן דערנאָך דער שׂוכר דעם משׂכּיר אַ געשעפֿט
דאָס ער זאָל אים לייען פֿינף הונדערט גולדן“,
הרבֿ מ. הלוי הורוויץ ספֿר פּרשת מרדכי,

אונגוואַר 1866. „ווער האָט עס אָנגעטראָגן אָנצופֿאַלן בײַז אַזוי אויף דיר?“, ממוס, יודל.

9. אַרכ. טראָגן אויף זיך. אָנקליידן, אָנטאָן. „אין דער האַרניש מאגשׂטו דיך ורישליך וואַגן. אונ, בֿון מײַנן וועגן זולשׂטו עשׂ אַן טראָגן“, בבא־בוך, 164. „שפּיס אונ, ביקשן אונ אַלרלייא וועהר טעטן זיא אַל אַן טראָגן“,

,

ווינץ. „אונ, קליידר לײַנן זיא זולן אַן קליידן אונ, ניט זיא זולן אַן טראָגן וואַלן אַן אירם דינן“, טח, ויקרא, הפֿטורה 'אמור'. „גוואָרנט צו זײַן [און שבת] ווען מן איין פּעלץ אַן טראָגט אבר זונשׂטר רויכי קליידר [— פֿון רויכוואַרג], זאַל מן קיין האַר

--

אויז פֿלוקין“, עח, מז, 2. „מיר גיפֿינדן דז מיכל בת שאול הוט ציצית אַן גיטראגן„, בראַנט פּרק מב. „אונ, דער אלישע דער האָט דאָך תּפֿילין אַן גטראגן„, מב, מעשׂה יח. „מן זול וואול איין גנצן טג איין ארבע כּנפֿות אַן טראָגן“, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, ד/ב

1o. אַרכ. דערלאַנגען. „ווען דער בחור דיא בלעט טוהט אַן טראגין / טוהט דיא ב„ב מיט דער שראגנין הערצין זאגין„, „בחורים־ליד',

פֿפּדמ 1750 [ייִבל XIII].

11. אוטוו. פלוצעם אָנקומען. „פֿאַרמאַך די פֿענצטער און די טיר. עס וועט באַלד אָ אַ

,

שטורעם“. „פֿון סטעפּ האָט אָנגעהויבן אָ, אַ קאַלטער, האַרבסטיקער ווינט„, ע. גאָרדאָן איבז, אינגול באָיאַר, מאָסקווע 1935.

מיט ז י ך — אויך: אָנקומען. אָנרוקן זיך. באַוויַיזן זיך. „אָבער אָט, זאָגט ער, האָט זיך אָנגעטראָגן דאָס שווערע יאָר“, נאַד, זעקס ביכער. „אין אַ רגע אַרום האָט... זיך אָנגעטראָגן, געשפּאַנט אין אַ פּאָר וויַיסע פֿערד,... דער ליַיכטער... שליטן“, נ. לוריע, סאָוו, היי ר לאַנד, 2 1961, No. “זאָל כאָטש אַ גאָס טאָן אַ שלאַקסרעגן, זאָל זיך פֿון ערגעץ אָ אַ

,

שווערע כמאַרע“, מ לעוו, סאָוו, היימלאַנד, 3 1961, No. ־עכץ. ־עניש. ־ער

אַנטראָפּאָ(־קע) — „געוואוינט זיי [די תּלמידים] אויך צו ווערן מוסרים און רכילות־אָ'„, חינוך הדת

והדעת, פּיעטרקובֿ 3 1911 ,No. ,,יעדער איינער זעט אין צווייטן דעם אָ, פֿון זײַן עלנט און ייִאוש,,, י᠎ראל קאַפּלאַן שליאַך און אומוועג, ת"אָ 1964, ז, 17. ־ערײַ.

אָנטראָט — דער, ־ן (־ס). טייל פֿון (אין) אַ מאַשין (געמאַכט פֿון אײַזן. אויך פֿון האָלץ) אָנצודריקן מיטן פֿוס, אויף צו לאָזן (די) אַ מאַשין אין גאַנג. פּעדאַל פֿוסברעט. אויך: אָ,

.

אין אַ פּיאַנאָ, אָרגל.

אָנטראָטואַרעדיק — אַדי. בעסער: אָנטראָטואַ'ריק. וואָס איז אָן (האָט ניט) אַ טראָטואַר; אָן אַ לאַווע, גייוועג. ,,אָן אַ זײַט, אויף אַ ראָג פֿון צוויי אָ'ע געסלעך....,,, משה טײַטש, רעמאַנט, מאָסקווע 1923.

אָנטראָטעווען זיך — אוטוו ־ווע זיך אָן,

.

זיך ~געטראָטעוועט. פּפֿ: ~טראַטעווען זיך. אַ סך, אַ לענגערע צײַט (אום)גיין, אַרומגיין. אָנגיין זיך. אָנטופּ᠎ן זיך. אָ, זיך איבער דער גאַנצער שטאָט און בײַנאַכט אַוועקפֿאַלן ווי אַ געהרגעטער.

אָנטראַכטן — טרוו. טראַכט אָן, ~געטראַכט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט טראַכטן און

דערטראַכטן זיך (מיט בײַטעם פֿון ביטול). אָ אַ

,

-

גאַנצע 'פֿילוסופֿיע'. „טראַכטן, אָ, און זיך צו גאָרניט דערטראַכטן„.. „דו באַקלאָגסט זיך נאָך? דו האָסט דאָך אַליין אָנגעטראַכט די גאַנצע מעל־מאָלעניש!“, ש. גאָדינער איבז, וו. סטאַווסקי, דער איבערבראָך, מאָסקווע 1932.

מיט ז י ך — „אויסגעדריקט די באַגערן, וועגן וועלכע ער האָט זיך אָנגעטראַכט אין די נעכט פֿון אַזוי פֿיל חדשים אינעם אָפּגעצאַמטן ווינקל“, ע. פֿינינבערג איבז, א. אַוודײַיענקאָ, איך האָב ליב, מאָסקווע 1935. „ב'האָב קוים דערהאַרט זיך די אָוונט־שעה, און אין דער פֿינצטער־נאַכט דיר אָנקלאַפּן אין טיר זיך אָנגעטראַכט“, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966. ־עניש.

אַנטראָלן — טרוו. ~ראָל, ~ראָלט. (קלעזמער־לשון) אַוועקפֿאָרן. אָפּפֿאָרן. י. טריוואַקס, בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923.

אָנטראַמאַסקען — טרוו ־קע אָן, ~(גע)־

טראַמאַסקעט. פּפֿ: ~טראָמאַסקען. 1.
אָנטרייסלען, אָנשאָקלען. אָ, דעם זאַק. 2. גוט
אָנשלאָגן. אָנבּוכצען. אָ, די בּיינער, די זײַטן,
די מאָרדעס.

אָנטראַמפּלען — טרוו ־פּל אָן, ▯י'
געטראַמ.
פֿלט. אָנטרעטן (מיט שווערע פֿיס).
אָנטאָפּטשען. אָ, די בּייטן. אָ, די אויסגעוועקסטע
דילן. ־עניש.

אָנטראַסקען — טרוו. ־קע אָן, ▯י'געטראַסקעט.
1. אָנשלאָגן. אָנבּוכצען די בּיינער. געבּן קלעפּ.
„קום שוין אַרײַן פֿונעם שטראָז, אַנישט וועל
איך דיך אָ“, רייד (קאָלאָמיי). 2. מאַכן עפּעס
זאָל (אָנ)פּלאַצן. אָ, די שויבּן, די פֿענצטער
מיט אַ שטיין. אָ, די (אַ) גלאָז.

אַנטראָסאָ־ — < גר. בּ: מ ע נ ט ש.
ערשטער טייל פֿון אַ צאָל אינטערנאַציאָנאַליזמען.

אַנטראָפּאָאי'ד

אַנטראָפּאָאי'ד — דער, ־ן. אויך: אַדי.
(בּאַשעפֿעניש) וואָס איז ענלעך צו אַ מענטשן.
אַ'ע מאַלפֿעס.

אַנטראָפּאָגענע זיס, ־זע — אָפּשטאַם און
אַנטוויקלונג פֿון דעם מין מענטש ווי אַן ענין

פֿאַרן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן —טיש —
—
.
אַדי.
אַנטראָפּאָ גראַפֿיע — די. אָפּצווייַג פֿון
אַנטראָפּאָלאָגיע וואָס באַשרייַבט די פֿאַרשיידענע
מינים פֿון דער מענטשהייט און זייער
געאָגראַפֿישע פֿונאַנדערשפּרייטונג. אויך: אַ'
געּ
אָגראַפּיע — מיטן אַרויסהייבן די שייַכותן
צווישן מענטש און געאָגראַפֿישער סבֿיבֿה.
אַנטראָפּאָ לאָגיע — די. בּא. < איי < גר.
'מענטש־וויסנשאַפֿט'. וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט
דעם מענטשנס פֿיזישע נאַטור און די סימנים
פֿון די פֿאַרשיידענע מענטשלעכע ראַסן. אַ,
זוכט אויסצוגעפֿינען דעם בּראשיתדיקן
אָפּשטאַם פֿון דעם מין מענטש און זייַן עוואָלוציע
זינט דער אורצייַט בּיז דער איצטיקייט פֿיזישע
.
אַ,. קולטורעלע אַ, [די גרענעצן פֿון אַ, זייַנען
אומקלאָר: אַ, נעמט אויך אַרום דאָס פֿאָרשן
פֿירונגען און גלייבּונגען] ־לאָ'ג — ,,
צע.
טיילן זיך די דעות פֿון די אַ'ן... [טייל
באַהויפּטן אַז די אַלע פֿאַרשיידענע ראַסן האָבן

איין אורשפּרינגלעכע איינהייט“, מ. קאַטץ,
נאַטור און מענש, 1906.   ־לאָגיש — אַדי.
אַ'ישע אייגנשאַפֿטן. „אַ'יש געגומען איז יעדער
לעבעדיקער נפֿש וואָס גייט אום אויף צוויי
פֿיס... און רעדט אויף אַ מענטשלעכער
שפּראַך... שוין אַ מענטש“, זשיט II, נ„י
.1912
אַנטראָפּאָלאַטר יע — די.   דאָס דינען אַ
מענטשן וו אַ גאָט. דאָס פֿאַרגעטלעכן אַ
י
מענטשלעכע באַשעפֿעניש.   ־יש — אַדי.
אַ'ישע באַציאונג צו די רוימישע אימפּעראַטאָרן.

אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם — דער, ־ען. < איי
< גר.   'מענטש־פֿאָרעם'. השגה וועגן
געטלעכקייט ווי וועגן אַ מענטשישער
אויסגעשטאַלטונג מיט פֿיזישע און פּסיכישע אייגנשאַפֿטן
פֿון אַ מוטערמענטש (שׂנאה, קנאה, ליבע אע)
[אין דער תּורה שבכתבֿ און תּורה שבעל־פּה
ווערט קאַטעגאָריש געפּסלט יעדער סאָרט אַ'].
“די אַ'ען פֿון תּנך (אויסדרוקן ווי 'גאָט האָט

געזאָגט', 'געהערט, וכּדומה אַזעלכע) באַדאַרף
מען אָננעמען נאָר ווי בּילדער אָדער

גלײַכענישן“, זק איבּז, שד I ▯. ,,.... אפֿשר נאָך מער
שאָקירנדיקער אַ, איז אַן אַנדער
פֿאָלקספֿאָרשטעלונג... לויט וועלכער דער
הקדושבּרוך־הוא אַליין לייגט תּפֿילין“, גרינ, מענטשן
און ווערטן. ־יזירן — טרוו. “ער האָט
איבּערגענומען בּײַ נסתּרן די רגילות צו אַ,
(פֿאַרמענטשלעכן זאַכן)“, שנ, ייִד, שרײַבּער אין
סאָוו'־▯ ארבּאנד ־יסט. ־יש — אַדי.

.

אַנטראָפּאָמעטר▯יע — די. בּא. < איי < גר.
מעטאָד, פּראַקטיק בּײַם מעסטן די הייך און
די וואָג פֿון אַ מענטשן און די פּראָפּאָרציע
צווישן איינצלנע גלידער. ־יש — אַדי.
,,אָנצוהייבּן אײַנפֿירן אין גרעסערע שטעט

1563איינ

הייטלעכע פּסיכאָטעכנישע און אַ'ישע
פֿאָרשונגען“, טאָז, 1 ▯ l928 III.
אַנטראָפּאָנאָמיע — די. בּא. < איי < גר.
'מענטש־געזעץ', וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט די

אָ   געזעצן פֿון דעם מענטשנס אַנטוויקלונג אין
שײַכות מיט סבֿיבֿה און אַנדערע בעלי־חיים.
אַנטראָפּאָסאָפֿיע — די. באַ. < איי < גר.   אַ
'מענטש־חכמה'.   שיטה וואָס לערנט ווי צו
קומען צו דער 'העכסטער חכמה', צו הויכער
גײַסטיקער אינספּיראַציע, וואָס איז ניט־
דערגרייכלעך דורך די חושים.

אָ   — יש־   מענטשנפֿרעסערײַ, קאַניבאָליזם
אַנטראָפּאָפֿאַ'גיע — די. < איי < גר.

.

אַדי.
אַנטראָפּאָצענטריזם — דער. באַ. < איי
< גר.   שיטה וואָס שטעלט דעם מענטשן
אין צענטער פֿון דער וועלט, וואָס האַלט אַז
אָ   דער גאַנצער אוניווערס איז באַשאַפֿן געוואָרן
פֿאַר דעם מענטשנס וועגן   יש־ — אַדי.
-
.
יִשקייט־ — "די אַ, האָט זיך צײַט דער שואה
גאָר סאַרשטאַרקט אין דער ייִדישער

ליטעראַ

טור,,, יחיאל האָפּער, צוק, מײַ־יוני, 6 l9.
[אין דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער מחשבֿה
ווערן געשטעלט לעבנאַנאַנד דעם מענטשנס
אומווערטיקייט און קורצדויערדיקייט און זײַן
וויכטיקער באַטײַט ווי דער בחיר־היצירה, באַשאַפֿן
אין גאָטס געשטאַלט. אין תּהלים (ח, 6־7) ווערט
דער ייִדישער אַ'ישער באַנעם אויסגעדריקט א
אַזוי: ,,האָסט אים געמאַכט שיִער ניט מינער —
-
לצדינג האָסטו אָ
פֿון גאָט... מאַכסט אים געוועלטיקן איבער
די ווערק פֿון דײַנע הענט, אַ
געלייגט אונטער זײַנע פֿיס'', תּי.]
אַנטראַצי'ט — דער, ־ן (פֿאַרשיידענע מינים).
> איי > גר. סאָרט שטיינקוילן פֿון גאָר

מיט האַרטקייט און שוואַרצן גלאַנץ; ברענט אָ
טיפֿע שיכטן פֿון דער ערד, צייכנט זיך אויס

-

לאַנגזאַם, גיט אָבער מער וואַרעמקייט ווי די
אַנדערע סאָרטן קוילן. „די נאַכט איז אַ'־
פֿינצטער„, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע, אַדעס 1931 פֿאַרזשמורעװדיק די אַ'־

, .

שוואַרצע אויגן, אַ שמייכל געטאָן„, סאָוו,
היימלאַנד, 5 l965, No. —יש — אַדי.
אַנטראַצע'ן — דער. מצ נבֿ. < איי < גר.
קריסטאַלישער פּולווער, אָן אַ קאָליר, האָט אין
זיך קוילנשטאָף. געניצט צו פֿאַרבן
טעקסטילסחורה, אויך צו מעסטן ראַדיאָאַקטיווע
מאַטעריאַלן. אַ'־א יי ל.
אַנטראַ'קט — דער, ־ן. < פֿר. 1.
איבעררײַס. הפֿסקה. פּאַוזע. צווישנאַקט. אין (אויפֿן)
אַ אַרויסגיין רייכערן אַ פּאַפּיראָס. די
פֿאָר,
שטעלונג האָט צוויי אַ'ן. „דער מגיד האָט נעכטן
געזאָגט די 3 שטונדן אָן אַן אויפֿהאַלט, קיין
אַ', קיין בופֿעט“, אַבֿרהם יעקבֿ באַגאָן...,

קול בגן, די פֿאָרשפּײַזע, פּיעטריקאָוו, 1910.
״דער דאָקטער האָט דערקלערט דעם טויט אַלס
וויסנשאַפֿטלעך פֿאַקט. דער פּריסטער — אַז
דער טויט איז בלדיז אומשטערבלעכקייטס אַ׳,,,
הר, אַ געזאַנג פֿון תּפֿיסה׳.

,

אָנטרויען

2. (מוזט) צווישנשפּיל. אינטערמעצאָ. ,,צווישן
די אַ׳ן פֿון וואַגנערס אָפּערעס פֿאַרקריכט אָפֿט
דער דײַטש אין אַ פֿינצטערן הייל פֿון
אורוואַלד״, ב. ריווקין פֿאַש, 4 1948 I.

,

נטראַקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געטראַקלט
(זאַמעט, קורלאַנד).   דזוו אָנסטריגעווען.
נטראַ׳קס — דער, ־ן. < איי < גר.
קלעפּיקע קראַנקייט בײַ בהמות און אַנדערע
זויגערס (אָדיך בײַ מענטשן). ,,אַ, קאָן אַ מענטש
זיך אָננעמען דורך אַ דירעקטער באַרירונג פֿון
בהמות וואָס לײַדן מיט דער קראַנקייט״, י.
מעריסאָן, היגיענע.
נטראָקען — טרוו. ־קע אָן, ~געטראָקעט.
 ]rקo:,   <. אָנציִען רימענס, אָנציִען און
אָנקלאַפּן אַ פֿעל, אַ פּעלץ. ,,טראָקע אָן

נאָכאַמאָל און קער איבּער דעם שמויס פֿאָפּערעק“,
דער לאָדזער טוחר, בּאַרדיטשעוו 1910.
נטרוי — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנטרויען ←.
אָ, פֿון געלט. אָ, פֿון דאָקומענטן. דער אָ, פֿון
קינדער צום דערציִער. אָ'־בּ ר י וו. אָ'־ג ר
אַמ אָ ט ע. אָ'־כּ ת בֿ. אָ'־צ ע ט ל — „אַן אָ'־צ,
גיט אַרויס אַן אַנשטאַלט אָדער אַ פֿריוואַטע
פֿערזאָן. דער אָ'־צ, בּאַטײַט, אַז מיר טרויען
אָן אַ צווייטער פֿערזאָן טאָן פֿאָוי אונדז אַ
בּאַשטימטע אַרבּעט, בּאַקומען געלט, שליסן מיט
עמעצן אַן אָפּמאַך אאַזוו“, מ. גיטליץ,
פּראַזאַישגעשע □ טלעכע שפּראַך, מאָסקווע 1932.
נטרויבּן — טרוו. ארכ. בּאַרויבּן, צונעמען
איבּערגוואַלד. אַנטרויבּט ז ײַ ן.
נטרוימען □. — אוטוו. אַרכ. אָנחלומען
זיך. „אַזו וואַר איין לערנר... איבּר זײַן
לערנן אַנטשלופֿן. אַזו אנטריימיט אים...„,
היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש“ץ„,
פֿירט 1694 [פֿש III].
נטרויען — טרוו. טרוי אָן, □ י.„געטרויט
(~געטרויעט, פּד). 1. (איבּער)געבּן עמעצן
עפּעס און גלייבּן, זײַן זיכער אין יענעמס
אָרנטלעכקייט. זיך פֿולשטענדיק פֿאַרלאָזן אויף

עמעצן. אָ, געלט, אַ פֿאַרמעגן. אָ, דעם משרת [דאַטיוו] די שליסלען פֿון קאַסע, פֿון
ווײַנקעלער. אָ, די קינדער (צו) דער דינסט, דער אַם.
אָ, די לעבנס פֿון די קינדער אין זייערע הענט.
אָ, אַ סוד. „די דרײַ שליסלען וואָס די גאַנצע
וועלט פֿירט זיך מיט זיי האַלט זיי גאָט בײַ
זיך... און ווען עס האָט אַמאָל יאָ געטראָפֿן
דאָס ער האָט איינעם אויף אַ קליינע ווײַלע
אָנגעטרויט איין שליסל פֿון די דרײַ...", א,
מעש"ה [מ. עפּשטיין], דיא אומגליקליכע יתומה,
וואַרשע 1878. "אים וועל איך קאָנען אָ, מײַן
גאַנצן אייגנס", ג. ח. לעוונער, דיא בעשערטע
פּאָר, ווילנע 1898.

2. באַפֿולמעכטיקן, (באַשטימען) עמעצן דורכצופֿירן אַ (וויכטיקע) אויפֿגאַבע

פֿאַרטרוי.

ען. אָ, אַ שליחות. אָ, אַ געהיימע מיסיע. אָ, עמעצן [דאַטיוו] אַריבערצופֿירן געהיימע דאָקומענטן. אָ, אַ וויכטיקן אַמט. „צו משה רבינו האָט מען אָנגעטרויט ער זאָל זײַן דער אויפֿזעער איבער זיי", פּלאי, המדבר בצדקה, וואַרשע

אָנטרויעריקן

תּרנ„ב. „דאָ דאַרף איך צעבּרעכן און דאָרט עפּעס בּויען, — איך קען ניט אַ צווייטן די אַרבּעט אָ'„, אַר, 'פֿליכטן', „עס האָט לאַנג ניט געדויערט און פּראָג האָט אים אָנגעטרויט די גאַנצע הנהגה פֿון שטאָט“, י. ל. לייזעראָוויטש פֿונם אַלטן קוואַל, פּעטראָגראַד 1918.

„ווען דאָס זאָל זײַן קריטיק, וואָלט קריטיק בּאמת געווען זייער אַ לײַכטער שפּיל, און מע וואָלט זי געקאָנט אָ, יעדן חוזק־מאַכער“, שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.

3. בּכלל האָבּן צוטרוי. זיך פֿאַרלאָזן אויף עפּעס. „וועלכע מעטאָדע אין דער סאָציאָלאָגיע איז אָבּער די ריכטיקע? וועלכער זאָלן מיר אָ, די אַרבּעט פֿון אַרויסגעפֿינען סאָציאָלאָגישע געזעצן?“, זשיט II, נ„י 1912. „רירט זיו צו מיט אַן אַריסטאָקראַטישער פֿאָרזיכטיקייט צו יעדער מאכל, ווי ער וואָלט נישט שטאַרק אָ'“, ייִז, אַלט־שטאָט'. “און אָ, געוויסן אַ ניט־קלוגן בּעל־נסיון איז ווי אַ מענטשן, ווילד פֿון גרימצאָרן — אַ האַק געטרויען„, חג, דער מענטש פֿון פֿײַער.

מיט ז י ך — ,,איך האָבֿ דעם פּסק כּשר
פֿאַרדינט; איך האָבֿ ניט געדאַרפֿט זיך אָ, אַ
שאַרלאַטאַן, אַ דאַמסקן שנײַדעריונג, אַ שיכּור,
מיט אַ כּל־בּוניק“, ג. ח. לעוונער, דער
סאַמאָוואַר, ווילנע 1900. ,,ניט פֿרעג, וויפֿל נעכט און
וויפֿל טעג דער מלך האָט זיך אָנגעטרויט דעם
וועג“, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966. ־ונג.
־עכץ.
אָנטרויעריקן — טרוו. ־ריק אָן, ~
געטרויעריקט. נעאָל. מאַכן עמעצן גאָר טרויעריק.
,,איך בין אָנגעטרויעריקט מיט ביכער, און
אָנגעטרונקען מיט ווײַן פֿון צײַטן,,, יג פֿון מײַ1
,

גאַנצער מי.
אַנטרוכן זיך — אוטוו. אַרכ. ו Mhd: e]
1 .] en)o. מיאש זײַן זיך; פֿאַרלירן
האָפֿענונג. ,,דרוזייאַנשׂ הט ער זיך גנץ אַנטרוכט,,,
בבֿא־בּוך, 505. 2. זיך זאָרגן, זיך קימערן.
,,בבֿא שרײַא אים נוך: ניט זײַא דיכשׂ אַ', איך
וויל דיך נוך קומן דא היימן זוכן,,, דאָרטן, 192.
אַנטרום — דער, ־ס. < איי < גר.)
אַנאַטאָמיע) אויסהוילונג אין אַ ביין, ספּעצ אין
באַקנביין, אין קינביין.

אָנטרומייטערן — טרוו. ־ער אָן, ~ געטרומייטערט. 1. אַ לענגערע צײַט (אָן אויפֿהער, אָן איבעררײַס) שפּילן אויף אַ טרומייט. אָנטרובען. אָ, און ניט לאָזן די איבעריקע מוזיקאַנטן שפּילן. אָ, אויפֿן מאַרק, אַלע זאָלן זיך צוזאַמענלויפֿן. 2. פּלוצלונג, מיטאַמאָל אָנהייבן בלאָזן, שפּילן אויף אַ טרומייט. אָ, אין מיטן נאַכט, די שכנים זאָלן זיך דערשרעקן. 3. אַ סך און גיך, אָן אָפּשטעל ריידן, פּלאַפּלען. אָ, אין די אויערן. אָ, און פֿאַרקלאַפּן עמעצן דעם קאָפּ.

אַנטרון — דער, ־ען. נעאָל. אַקט פֿון אַנטרינען. „זײַ דאָס אויג פֿון וועלטגעזע, — די זון, העלף דעם לעבן מיט אין זײַן אַ,,, סוצ, וואַלדיקס.

אַנטרונען — אַדי, פּאַר אַנטרינען ←. 1 פֿאַר.
שוואונדן, אַנטלאָפֿן. זוכן דעם אַ'עם. „איז געקומען אַן אַ'ער און האָט אָנגעזאָגט אַבֿרם דעם עבֿרי", תּי, בּראשית, יד, 13. „אַ שאָטן פֿון יענער וועלט לאָזט זיך זען, פֿאַרגנבֿעט זיך

אָפּט אַן אַ'ע טרער,,, ווינטש II.

2. געראַטעוועט. ,,דער אַ'ער איבערבלייַב פֿון דעם הויז פֿון יהודה,,, תּי, מלכים בּ, יט, 30.

''שטייען צוזאַמענגעדריקט ווי הערינג אין אַ פֿאַס, אַ סטאַדע מענטשן, וו אַ'ע פֿון עפּעס

- '

אַ שרעקלעכן אומגליק'', דא, שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1910 ־ערהייט ־קייט —

. .

,,אונדזער קריטיק האָט צו פֿיל געגינציקט אַ, פֿון ממשותדיקן לעבן,,, אַבאָ גאָרדין פֿאַש,

,

31 ␣ 1953 II.

אַנטרונען ווערן — פּאַסיוו. נייטראַל. ווער ~רונען, בּ י ן ␣ ־,רונען געוואָרן. דזוו אַנטרינען. 1. פֿאַרשווינדן. נעלם ווערן. פֿאַרפֿאַלן ווערן. אַ, וו, ווי אין דרערד אַרײַן. ,,וואו איז ער מיר אַ, געוואָרן?,,. ,,מײַן האָרבאַטע... אַנטלויפֿט אין דער אַנדערער זײַט און ווערט א'', ממוס פּישקע. ,,גערגעלעס אַ, וו, האָט

פֿאַרביטערט זײַן חברס געןעגענען זיך מיטן שטעטעלע", שע, פֿונם יאַריד I. „און פֿון דעם וואָס לייבוש גרשונס איז בײַנאַכט אַ, געוואָרן אַ נאַקעטער, האָט דאָס גאַנצע שטעטל דערווײַל פֿאַרגעסן„, א. ראַבאָי, אייגענע ערד. *"דער מאַמעס (מוטערס) מילך ווערט מיר (אים) אַ„,, „דאָס בלוט ווערט אַ'„ — בײַם איבערלעבן גרויסן שרעק.

2. ראַטעווען זיך, ניצול ווערן פֿון אַ סכּנה דורך אַנטלויפֿן. אַ, וו, (קוים) מיטן לעבן. "טו זשע דאָס מײַן קינד ווי דו קענסט, אַבי אַ, צו וו'", מס, משלי תּקע„ד, ו, 3. "עס זײַנען פֿיל פֿאַרלאָרן געוואָרן מיט ווײַב און קינדער; אַ טייל זײַנען אַ, געוואָרן מיט די נפֿשות", מעtה אומן. „אויב עשׂו וועט קומען אויף איין מחנה, און וועט זי שלאָגן, וועט די איבעריקע מחנה אַ, וו'„, תּי, בראשית, לבֿ, 9. „די פּליטים וואָס זײַנען אַ, געוואָרן פֿון איבערגעוואַלדיקן שמד„, זק איבז, שד I. "דאָס חיהלע זוכט זיך אַ נאָרע אַ, צו וו, אין דער ערד„, ממוס, שלמה.

3. אויסדרייען זיך פֿון עפּעס. אויסמײַדן.

„ער קענט זיך אונטער לייגן אויף זײַן פּר
שטאַנד אַלז ער קענט אַנטרוני, וו, פֿון אַלים
ביזן...„„ בע, ה/א. „„... און זאָל טראַכטן
ווי ער [דער באַשעפֿער] האָט אים מציל געווען
פֿון זיי [די פּגעים] און איז אַ, געוואָרן פֿון
זייער פֿילקייט„„ חה, 219. „ער זאָל זאָגן די
ערשטע פּרשה פֿון שמע ישׂראל ביז 'ביתך
ובשעריך', און דעמאָלט וועט ער דעם טאָג אַ,
וו, פֿון אַלערליי זינד„„ קה.

אָנטרוסען — טרוו ־סע אָן, ,געטרוסעט.

.

רוסיצ. אָנשאָקלען. אָנטרייסלען. אָנשיטן.
פֿאַרשיטן. אַ, אויפֿן 'פּאָל,. אָ, אין אַן אויג. ←
אָנטרייסען.

אָנטריב — דזוו אָנטרײַב.

אָנטריזשען זיך — אוטוו ־זשע זיך אָן, זיך

~געטריזשעט. אוקר. אָנמאַטערן זיך, אָנגיין

אָנטרײַבן

זיך, אָנוואָגלען זיך. אָנטויטשען זיך (←). אָ
זיו איבער די גאַסן.

אַנטריי, — דער, ־ען. (< איי) < פֿר. פּפֿ

אַנטרע(י). 1. פֿירהויז, קאָרידאָר. בלײַבן שטיין אין אַ, און וואַרטן. 2. 'אַרײַנגאַנג.. אָפּצאָל פֿאַר אַרײַנגאַנג אין טעאַטער, צירק, קאָנצערט אע. ,,איך האָב באַצאָלט מײַן אַ, און בין אַרײַנגעגאַנגען,,, וואַרשויער יודישע צײַטונג, 8 1867, No. ,,ער איז אויך פֿ ן די וואָס שפּרינגען אין אונדזער פּאַנאָראַמע אַרײַן אומזיסט אָן אַ,־בילעטן", קמ, 13 1867, No.

3. אויפֿטריט פֿאַר אַן עולם, ספּעצ פֿון אַן אַקטיאָר אויף דער בינע. אַר יסרופֿן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן באַלד בײַם אַ'. ,,איך האָב... געשמייכלט ווי אַ קלאַון וואָס האָט נאָר וואָס פֿאַרענדיקט זײַן אַ, מיט אַ טשיקאַוון שפּיצל,,, ש. גאָדינער איבז, יורי אָלעשא, קינע, מינסק 1931.

4. פֿאָרשפּײַז. פּינסקי ווב. רייצן דעם אַפּעטיט מיט אַן אַ,.

5. זוו. קומט אַרײַן. ,,הערט זיך אַ לײַכט אָנקלאַפּן אין דער טיר. אַ, — הערט זיך אַ שטימע פֿון אינעווייניק", יע)ראָל אָרנשטיין, רעיונות י)ראָל, אַס 1893.

י

אָנטרייב — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

-

פֿון אָנטרײַבן. שטויס. סטימול. אימפּולס. אָנרעג.
דורך (מיט) אַן אייגענעם אָ,. „ווערט זייער
הילף מער אַן אָפּהאַלט [זײַן] איידער אַ
ווירקלעכער אָ, פֿאַר דער באַוועגונג“, זשיט X, נ„י
1919. „אָמעריקע איז אַרײַן אין מלחמה
אונטער ייִדישן אָ'„, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.
“זיי באַזיצן דעם אומרו, די ענערגיע און דעם
אָ', וואָס די אַמאָליקע ייִדישע אימיגראַציע האָט
געהאַט“, בצג, טמז, 24 l967 III. אָ,־כּוח(ות).
אָ'־שטאָק, אָ'־שטעקן.
אָנטרייבן — טרוו. טרײַב אָן, ~געטריבן.

-

שווּב פֿאַרטײַטשט 'נצח. א. חוזק ותגבורת, —
„שטאַרקן. שטרעבן. אַן טרײַבן„. 1. אַ סך,
אַ לענגערע צײַט טרײַבן און צונויפֿטרײַבן,
צונויפֿיאָגן אויף איין אָרט (און דערבײַ זאָל ווערן
ענג, אָנגעפּאַקט, אָנגעפּראָפּט). אָ, ייִדן אין די
געטאָס. „די עס־עס האָט אָנגעטריבן אויפֿן
אומשלאַג־פּלאַץ (אין די פֿראַכט־וואַגאָנען)
טויזנטער ייִדן און זיי אָפּגעפֿירט קיין אוישוויץ“.

אָ, די בּהמות אויפֿן פֿאַשע־פֿעלד. אָ אַ פֿולן

,

הויף מיט מענטשן. „דער מלמד טרײַבט אָן
אַ פֿולע שטוב מיט קינדער“, קמ, 32 1865' No.
„מע האָט זיי נעבעך... אויפֿגעשניטן זייערע
בײַכער און מע האָט אַהין אָנגעטריבן זאַבעס
מיט מײַז“, יעקבֿ סאָטמאַן, עבֿרי אנכי,
באַרדיטשעוו 1901. „אין שטאַל האָט מען בײַ אונדז
אָנגעטריבן בײַ אַ צוויי הונדערט שאָף„, אי.

י

קיפּניס, סאָוו, היימלאַנד, 6 1968, No.
2. (אָנ)פֿירן, קערעווען (פֿערד, אייזל אע) בײַם
פֿאַרן אָדער רײַטן. אָ, פֿערד־און־וואָגן פֿאָרט

.

אינאיינעם מיט דעם תּוגר אין איין קאַרעטע,
דער 'גראָספֿעציר, האַלט די בײַטש און טרײַבט
אָן“, ממוס, מסעות. „וואָסערע הלכה מיינט
איר? די עגלה? כלעבן איר פֿרעגט מיך אַ
נאַרישקייט ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט אָ',„

אָנטרייבן

ברוך שפּ􏰀ורני, בעל עגלות דערציילונג, וואַרשע 1880. „דער פּויער וועלכער האָט אָנגעטריבן די פֿערד האָט ניט ווילנדיק אַ שטאָרך געטאָן ישׂראליקלען מיטן בײַטש“, ט. קאַמינסקי, אַ בּ אָגראַ􏰀יע פֿון אַ י􏰀ראל־קלען, קיִעוו 1913.
􏰀
„זײַן פֿורמאַן זיצט צו אים מיט די פּלייצעס און טרייַבט אָן“, בערג, 'די משומדת'.

3. אָנאײַלן. אונטעראײַלן, אונטעריאָגן (בײַ אַן אַרבּעט). אָ, ד אַרבעטער און ניט לאָזן
י
זיי אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָ, די תּלמידים. אורח, 47 פֿאַרטײַטשט ,הרוֹדים, (מלכים א, ט, 23): „וואָס טרייַבן אָן“ [תּי: „געוועלטיקן“]. אָ, די פֿערד מיט דער בײַטש. *אָ, אַהיים אויף שבּת = גיך יאָגן כּדי אָנצוקומען אַהיים איידער עס ווערט שבּת. „דשׂ מוז ער אים אָן טרייַבן אַזו לאַנג ביז דשׂ ער זעלברט גיוואר ווערט, דשׂ ער לערנט לשם שמים“, לט1, צד/א. „מען קען ניט זאָגן, אַז אַזאַ ציִען די נשמה פֿון איין זײַט און אַזאַ האַסטיקן אָ, פֿון דער צווייטער זײַט איז אוריס בּנים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן“, זש, נח פּאַנדרע פֿיג. „און אָנגעטריבן

סווישטשענדיק דער טויט האָט זיי מיט
בּרענענדיקע בּײַטשן“, פּמ, מלחמה.
4. לאָזן אין בּאַוועגונג מיט דער הילף פֿון
אַ טרײַבּקראַפֿט (עלעקטרע, פּאַרע, וואַסער אע).
אָ, די עלעקטרישע סטאַנציע. אָ, די מיל. אָ, דעם
מאָטאָר. “אַ בּאַוועגלעכע לופֿט קילט ערשטנס
אָפּ דעם קערפּער שנעלער, און צווייטנס,
טרײַבּט זי אָן בּעסער דעם אויסטויש פֿון
קוילנזויערע אויף אָקסיגען“, דר, י מעריסאָן,
היגיענע פּיג. אָ, די רעדער פֿון דער געשיכטע.

-

.

,,קרעפֿטן וואָס ווערן אָנגעטריבּן פֿון דער
עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג,,, זשיט III, נ“י 1912.
5. אָנפֿירן (עס זאָל גיין פֿאָרויס). אָ אַ
פֿאַבּ,
ריק. אָ אַ גרויס געשעפֿט. “מיט דיזר סומא

,

פֿאנגטן מיר אַלי דרײַא איינרלייא האַנדלונגן
אַן צו טרײַבּן...,,, מראות ה צובאות, וואַנדזבּעק
1718. ,,זיי טרײַבּן אָן די וויסנשאַפֿט, זי זאָל
אויספֿאָרשן די נאַטור און געפֿינען די

מיטלען ווי בעסער צו באַהערשן,,, זשיט , נ,,י
.1917

6. פירן געזעלשאַפטלעך. אָ, די חברה. ,,דאָס קליינע מענטשעלע'... איז גענומען געוואָרן, פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צײַט געקנאַקט... מיט דער... בײַטש און אָנגעטריבן די כנסת־ישׂראל״, שע, אידישע שר -בער

7. באַאײַנפלוסן. שטויסן. סטימולירן. (באַ)־ ווירקן. אינספּירירן. ,,מיט גוטן מיט אין אַן גיטריבן דשׂ ער אירן גלאבן אויף זיך זולט אַנפפנגן״, בבא־בוך, 254. ,,ווערט דיך מאַכן פר געשׂן דען עונש פון די עבירה, אונ, ווערט דיך אַן טרײַבן דיא זעלביגה צו טון אונ, דר בײַא צו בלײַבן״, חה, אַמשט 1716, קא/א. ,,ווי דער פּראָגרעסיווסטער פון אונדזער פאָלק, דאַרף דער יִדישער פּראָלעטאַר אַט אָ, די איבע־ א
י
ריקע קלאַסן״, זשיט)I, נ״י 1919. .

8. ווירקן אויפן געמיט און אַרײַנברענגען אין אַ שלעכטער שטימונג. אָנוואַרפן אַ שווער געמיט. אָ אַ מודא אדיף דער באַפעלקערונג.
,

157()

אָ, אַ טעראָר. אָ, חוזק, לצנות. „די גזרה האָט
אָנגעטריבּן אַ מרה־שחורה אויף אַלע פּנימער,
ס'איז געוואָרן חושך אין אַלע ייִדישע
ווינקעלעך“, י. ל. בּינשטאָק, בּײַא ר, שלמה בּערלינער,
לוואָוו 1896. „אַ קאַלטער ווינט האָט געפּײַפּט
צווישן די בּיימער... אָ'דיק אויף די מענטשן

אַ מרה־שחורה„, יעק טער איבּז, דער
געהיימער מאָרד..., נ„י 1914. “בּייז געשריגן האָט
די קראָ און יאוש אָנגעטריבּן“, סעג, קאַפּריזן.
אָ, היץ אין די אויערן = אויפֿרעגן,
אַרײַנ
בּרענגען אין אַ גלוסטעניש (וואָס מע קען ניט
בּאַפֿרידיקן). *אָ, דעם לעבּעדיקן טויט =
אַרײַנבּרענגען אין אַ שטימונג פֿון אָפּהענטיקייט
אָדער יאוש.
9. אקוזוו & אוטוו. אָפּטער מיט נ י ט.
געדויערן. אויסהאַלטן. ציִען (זיך). „ער קען נאָך
אַזוי אָ אַ שיינע פּאָר יאָר“. (ניט קענען) לאַנג
,
אָ, = (ניט קענען מער) אויסהאַלטן, בּלײַבּן
בּיז...„. „גאַר לאַנג סריבּ ער אַן דאז זעלבּיג אָ

לעבן. „דער געשעפֿט קען נאָך אַזוי אָ, הלוואַי

וועזן, ני אנדרשט דען לערנן און, שרייַבן וואַר
זיַין זיטן“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, בּ,
מב/א. „און ער זאָל גידענקן: איך בּין נון
אַלט, איך גיא אַלי טאָג איין שטאַפּיל הראבּ, אָ
איך ווער עשׂ ניט לאַנג מער קענן אַן טרייַבן“,
לט1, נ/א. „אַ סוחר מיט איין זאָלכע
ווירטשאַפֿט קען נישט לאַנג אָ', אין איין יאָר אָדער א
צוויי, ווירד ער גיין פּלטה„, וואַרשויער יודישע
צייַטונג, 22 1867, No. „די לופֿט פֿון פֿיַיכטע

זייער שעדלעך, דאָס דער מענטש וואָס זיצט אָ
ערטער, פֿאַרשטונקענע וואַסערן, זומפּן איז

דאָרט קען ניט לאַנג אָ'„, אַל“ק איבּז, דער
דאָקטער בּוך, וואַרשע 1882. „ייִדן אַזוי ווי
ר, ישכר־בּער... אויבּ זיי קומען צו אַזאַ
מדרגה פֿון געבּראָכנקייט, טרייַבן לאַנג נישט אָן,
און זייערע טעג זענען געציילטע“, נאָמ, 'דאָס אָ
רבּישע אייניקל'. “דער פֿאָטער האָט לאַנג ניט
אָנגעטריבּן. ער איז קראַנק געוואָרן און

געזאָגט פֿאַרן טויט אַז ער גייט פֿון דער וועלט
צוליבֿ דעם טעכטערל״, באַש, פֿאָר, 31 1958 I.
10. טאָן עפּעס אַ לענגערע צײַט. אָ, כּלערליי
קונצן. ״זעצט זיך דא... מיט גרושן יומר
און אַך קלאָג. דאז טריבֿ ער אַן מענכן טאָג,,,
,
ספֿר משלים פּפֿדמ 1686, בּ, לט/ב. ,,... און,
,
האבֿן עז [דאָס אויספֿרעגן] אַזו לנג מיט מיר
אַן גטריבֿן, בּיז מיר גנץ איבֿל גווארן איז״,
אַ פֿראָגער פֿאַמיליען־מגילה,, 1732 [
וואַכשטיין,

בּוך, ייִוואָ].
11. א סך, אַ לענגערע צײַט ט ר ײַ בּ ן. אָ,
בּראַנפֿן. אָ, עטלעכע פֿעסער סאַמאָגאָן.
־ונג — ,,אין טיפֿן אַלטערטום איז דאָך די
דאָזיקע טעריטאָריע גאָר ניט געווען. זי האָט
זיך געבּילדעט בּיסלעכווײַז, אַדאַנק די אָ'ען
פֿונעם שלאַם״, אַבֿראם לוריע, דער סוד פֿון דער
גרויסער פּיראַמידע, מינסק 1936. ־עניש.
נטרייבֿער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
--
1. ווער עס טרײַבֿט אָן (← אָנטרײַבֿן, בּ2).

אַן אָ, מיט אַ בײַטש. פּאָטשט־(פּאָסט) אָ'.
,,אַמאָל איז הרבֿ ר, גרשון געפֿאָרן און האָט
דעם בעשט גענומען פֿאַר אַן אַ'‘‘, קהל חסידים,

אָנטרייסלען

לעמבערג 1875. ,,איך בין דער חמור, דער
אייזל און ער איז דער אָ',,, ממוס, קליאַטשע.
,,און אָ, — ווינטן, און בײַטשן — אַ רעגן,
געשניטן‘‘, פּמ, די קופּע. אויך דער וואָס פֿירט
אַן אויטאָ(מאָביל). שאָפֿער. ‘‘... מיסטער פֿאָרד,
פֿרעגט אים צי איז ער ניט געווען אַמאָל אַ

▯

----▯

שאָפֿער, אַן אָ'?‘‘, שע, מאָטל פּייסי II. ,,איך
בין גע▯אָרן אין אַ טעקסי מיט אַ
באַריידעוודיקן אָ'‘‘, בצג, טמז, 25 ▯1964 II.
2. אויפֿזעער וואָס טרײַבט אָן (← אָנטרײַבן
ב3). אָ, אין אַ פֿאַבריק. אָ, אין
פֿאַרשיקונגלאַגער. ,,אַזוי ווי זי [די מורעשקע] האָט ניט
קיין בעל־הבית, קיין אויפֿזעער און קיין אָ,

איבער זיך“, מס, משלי תקע“ד, ו, 7. “וויבאַלד
קיין אָ, זעט זיך ווידער ניט און גענוג שוין
אַרײַנגעאַרבעט, איז יוצא דערווײַל, און עס
ברענט ניט“, י□Iראל קאַפּלאַן, שליאַך און
אומוועג, ת אָ 1964 ־עריי.
“ . —
נטרײַבעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע
אָנצוטרײַבן. “... שמאָטשקען מיט די ליפּן
פֿון אָ'ער הנאָה“, נס, משפּחה מאשבער II.
־קייט.
נטרײַב□שײַב — די, ־ן. שײַב אין אַ
טראַנסמיסיע צו באַטרײַבן אַ ווענטילאַטאָר פֿאַר
אַ שמידערײַ (קאָוונע).
נטרייסטיק — אַדי. וואָס איז אָן טרייסט;
וואָס מע קען (לאָזט זיך) ניט טרייסטן. אָ'ער
אָנווער.
נטרייסטן — טרוו. טרייסט אָן, ~געטרייסט.
אַ סך, אַ לענגערע צײַט טרייסטן עמעצן;
אײַננעמען, אײַנרואיקן מיט טרייסט־ווערטער. אָ,
די קרבנות פֿון דעם אומגליק. אָ, אַן אַלמנה.
מיט ז י ך.
נטרייסלען — טרוו. ־סל אָן, ~געטרייסלט.
1. אַ סך, אַ לענגערע צײַט טרייסלען,
שאָקלען. אָ, אַלע ביימער אין סאָד. 2.

אָנשאָקלען. אָנוואַקלען. אָנהוידען. אָ, דעם עפּלבּוים, די עפּל זאָלן אַרונטערפֿאַלן. אָ, די קינדער אויף דער הוידלקע, 'קאַטשעליע'. אָ, די פֿאַרשוינען אין בּויד. 3. אָנוואַרפֿן. אָנשיטן. אָנפּראָשען. אָ, זאַמד, מעל, פֿעדערן אויף דער פּאָדלאָגע. אָ, די אויגן מיט שטויבּ.

4. צעבּאָלט(ש)ען. אויפֿבּורען (←). אָ, די פֿלעשעלע רפֿואות פֿאַרן אײַנגעבּן דעם חולה.

5. (גוט) אָנלייגן, אָנשטאָפּן, אָנפּאַקן, אָנפֿראָפּן. מאַכן עס זאָל אַרײַן וואָס מער. אָ, דעם שטרויזאַק. אָ, דעם רוקנזאַק, עס זאָלן אויך אַרײַן די סוכאַרעס. אָ, די פֿעדערן אין אײַנשיט.

6. וואוילױונגעריש. אָנבּרעכן עמעצן די בּיינער. אָנשלאָגן. „מע דאַרף דעם יונג אָ', ער זאָל פֿאַרזאָגן אַ צענטן דאָס מער ניט צו טאָן“. מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון קעלט פֿון פֿראָסט.

„אַז דער שרעק איז אַ גאָרנישט קעגן יענעם, אַז איך וועל זיך געַנוג אָ, דאָס האַרץ און וויינען מיט גרעסערע טרערן„, יק. “אויף די דילן איז אָנגעטרייסלט שטרוי מיט מעקענע וועלכעס עס האָט זיך אָנגעטרייסלט פֿון די

בּעטצײַג,,, א. י. סאַפּיר אויס מינסק, חטאת הקהל... II, ווילנע 1881. ־ונג. ־עניש.
אַנטרייסן — טרוו. ~רײַס, ~ריסן. דטשמ.
-
אַוועקרײַסן; אַוועקנעמען. אָפּרײַסן. ,,צום סוף האָט זי דער טויט אַזוי פּריצײַטיק אַנטריסן,,, פֿון אַ בּדחניש ליד. ,,אַנטרײַסט אים די בּערזע, און שלײַדערט זי צום בּאָדן“, לאַט, מאַמאָן. “ליבּע שוועסטער, דו ווערסט צו יונג אַנטריסן (אויסגעריסן) פֿון אונדזער הויז“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1887, ז, 102. מיט ז י ך — “זאָל זיך פֿון זײַן געשעפֿט טעגלעך געוויסע שטונדן צו ענטרײַסן צו די הייליקע תּורה צו לערנען“, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע�זות II, סאַטמאַר תרל,,ב.
אָנטרייסען — טרוו ־סע אָן, ~געטרייסעט.
.
סל. אָנשאָקלען. אָנטרייסלען. אָנשיטן. אָ, שטרוי פֿון די זעק. ־עכ�ן — דאָס וואָס מע שיט אַרײַן אין געטראַנק פֿאַר בּהמות (שטיקלעך היי, שטרוי, קלײַען). ← אָנטרוסען.
אָנטרייען — טרוו & אוטוו. טרײַ(ע) אָן,

-

~געטרײַ(ע)ט. אַמ. On ry o : . אָנמעסטן. אָנפּאַסן. אָנטאָן (זיך אָדער עמעצן) אַ מלבוש און זען צי עס פּאַסט (צי עס ליגט גוט). אָ, אין 'סטאָר, עטלעכע ,סוטס, און קײן אײנעם ניט קויפֿן.

אַנטרי'ן — דזוו אַנטרון ←. „צי אויך בײַ דיר איז דאָס נישט ווערן דײַן אַ'?„, י. מאַניק, אין טריט פֿון דײַן וואַנדער. אַ'־אָ ר ט.

אַנטרינונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון אַנטרינען פֿון אַנטרונען ווערן. באר משה,

,

פֿאַרטײַטשט 'לפֿליטה גד[ו]לה, (בראשית, מה, 7): „צו אַ גרויסער אַ',.. „און די שטעט זאָלן אײַך זײַן פֿאַר אַ, פֿון דעם בלוטמאָנער„, תּי, במדבר, לה, 12. „ברעכט אײַן די מויערן פֿון דער אומבאַזינונג און קעמפֿט מיט מענער־מוט פֿאַר אײַער אַ'“, י. באַוושאָווער, גש. „כּדי צו האָבן מיט וואָס אונטערלענען זייער ווייך האַרץ אויפֿן וועג פֿון אַ'„, הל, 'מײַ — און ס'וואָלט באַדאַרפֿט זײַן פֿרילינג'. „און גרויס איז נאָך פלאָנטער פֿון מענטשן, וואָס זוכן אין צוגן, אין באַנען אַ, פֿון חורבן און טויטשרעק“, אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928.

2. רעזולטאַט פֿון אַנטרינען. דאָס ראַטעווען זיך. "גאָט — מײַן פֿעלדז וואָס איך שטיץ מיך אויף אים, *.. מײַן טורעם און מײַן אַ, ['
ומנוסי']", תּי, שמואל בּ, כב, 3. ,,פֿאַרלאָרן איז אַ, פֿון מיר,,, תּי, תּהלים, קמב, 5.
3. איבּערבּלײַבּ; שארית־הפּליטה. סכום
געראַטעוועטע. ,,די אַ, פֿון ישׂראל". ￼און ער [דער היישעריק] וועט אויפֿעסן דעם רעשט פֿון דער אַ'", תּי, שמות, י, 5.
אַנטרינען — אוטוו. ~רין, ~רונען. זזוו
אַנטרונען ווערן ￼. ￼ Mhd: ent־][￼nne￼.
מלל פֿאַרטײַטשט 'תפּלטני מריבֿי עם, (תּהלים, יח, 44): ,,ענטרינן" [תּי: ,,אַנטרינען"]. בּאר התּורה פֿאַרטײַטשט 'המלט, (בּראשית, יט, 17): ,,זי אַ, אויף געשווינד".
י

1. אַנטלויפֿן פֿאַרשווינדן. נעלם ווערן. ,,דא
.
וואנד ער דער היידן וואַל צווייא הונדרט מאַן.

1571

ער שלוג זיא אַל צו טוט, איר קיינר אים אַנטראַן", שמואל־בּוך, 419. ,,זי שפּרך ווי זול

איך אויז דער קאמר אַנטרינן,,, בּבֿא־בּוך, 337.
,,וועד דא וויל אַנטרינן פֿון זײַן הער...,,,
יוסיפֿון, אַמשט 1743, קעד/ב. "עס איז געווען דער
איינציקער וועג, מיט וועלכן ער וואָלט געקאָנט
אַ, און ראַטעווען זיך פֿון פּרעהס רודפֿים", אָש,
משה. "וואָס פֿאַר אַ פֿרייד עס איז געווען צו
אָ, פֿון אַזאַ שרעק", ווײַס II, 'דער איבּערגאַנג.'.
,,ערגעץ ליגט דאָך דאָ פֿאַרבּאָרגן יענער וואָס
פֿון אונדז אַנטרינט", א. ניסענזאָן, הונדערט
לידער. ,,כ'וויל מײַן לײַדן מער ניט לאָזן אין
אַ פּוסטן דאַמף אַ'", יהואָש, 'ווערטער־דאַמף'.
,,אַך, די ערד איז אונדז אַנטרונען און מיר
קענען נישט די וועגן,,, חג, פּליטים. עס
אַנטרינט דער מאַמעס מילך. דאָס בּלוט אַנטרינט
פֿון די אָדערן. "דער מוטערס מילך איז אים
אַנטרונען", פּרץ, 'דער דראַנג'.

2. ראַטעווען זיך. ניצול ווערן דורך
אַנטלויפֿן. אַ, פֿון זיך אַליין. "אַנטרין מיט דײַן
לעבּן", תּי, בּראשית, יט, 17. ,,אויף דען העלן
טאָג האבּן מיר טון האָפֿן דז מיר דער צו
האבּן וועלן אַנטרינן,,, ווינץ. ,,עס קוועלט
נאָך דאָס ליכטיקע וואַסער אין בּרונעם... וואו
זײַנען זיי אָבּער די ייִדן אַנטרונען?,,, סעג,
איצטער.

3. אויסמײַדן. זיך אויסדרייען. זיך אַרויסדרייען. אַרויסקומען גאַנץ, ניט געשעדיקט. „וויא וויל איך דעם הונגר אַנטרינן“, בבֿא־בוך, 230. „נייארט מיט זײַנם רידן טוט גווינן אונטר דען ביזן צו אַנטרינן„, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, יב/א. „גאָט יתבּרך מאַכט אים אַן טרינן פֿאַר דען ביזן טאָג„, לט1, מ/א. „הש“י האָט מיך מציל גיוועזן אונ מיר גיהאָלפֿן אַז בין אים אַנטלאָפֿן אונ אַנטרונן וואו ער מיך גיזוכט האָט, האָט ער מיך ניט גיפֿונן“, עיון, הקדמה. „רבּש“ע זײַ מיך מציל און מאַך מיך אַ, פֿון אַלערליי זינד„, קה. „אַ, פֿון אייגענעם צוזאָג„, אפֿא, געטראַכט מיט ע᠎ריי־טײַטש.

4. טרוו. אויסהיטן. באַשיצן. „ווען ער וואָלט געווען געהיט, וואָלט ער דאָך געמאַכט אַ, זײַן לייַב„, ספֿר יחזקאל, וואַרשע תּרל“ד. „לאָז גאָט, קומען די ליבּע צײַט, וואָס מע וואַרט צו אַ, דאָס פֿאָלק, וואָס עס בעט און גאַרט“, ממוס, זמירות.

מיט ז י ך — „און, ער האלטיט זיא בײַא

-

זיך גפֿאנגן, אום זיך דא דארך צו אַנטרינן

פֿון דשׂ שווערט פֿון זײַן בּרודר“, יוסיפֿון, אַמשט 1743, פֿא/כ.

אַנטרינער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־ס. ווער עס אַנטרינט, איז אַנטרונען. ווער עס ראַטעוועט זיך. פּליט. מ״ פֿאַרטײַטשט 'ויבֿא הפּליט, (בּראשית, יד, 13): “דר אנטרינר„ [תּי: „אַן אַנטרונענער„]. „אונ, עשׂ איז ניט גיוועזן איין אַנטרינר אונ, איבּר בּלייַבּר„, צאינה, מגילת איכה, קסח/א. „אונט זיא שלוגן דיא מאַנן פֿון עי בּיז זיא האבּן ניט איבּר גלאזן איין איבּר בּלייַבּונג אונט איין אנטרינר„, סהמ, יהושע, ח, 22. ״און האָסט געוואָלט פֿאַרשנײַדן די אַ, פֿון ישׂראל„, צור, וישלח.

אָנטרינקען

אָנטרינקען — טרוו. טרינק אָן, ~געטרונקעז. פֿרגל אָנטרענקען. 1. געבּן עמעצן גענוג צו טרינקען; שטילן (עמעצנס) דאָרשט. אָ, דאָס קינד. אָ, דעם זשרעבּטשיק. אָ, די פֿערד בּײַ דער קרעניצע, בּײַם טײַכל. “און אויבֿ ער איז דאָרשטיק, זאָלסטו אים אָ, מיט וואַסער„, שע, 'מה נשתּנה'. „דעם טרינקען ווײַן פֿון קידוש שבּת ויו„ט און הבֿדלה און דעם ווײַן פֿון

אַנדערע מצוות — איז גלײַך ווי ער טרינקט אָן די צינורות עליונות פֿון גן־עדן העליון״,
ר, יראל ממינסק, אור עולם, ווילנע 1865.
פֿיג ״אָ, מיט מצוות און מיט די טעמים פֿון דער תּורה״, הרבֿ א. ל. בּראַנדיס, איבּז, ספֿר
)יח ספּונים, אַס 1843. ״ווי שיין זי זינגט!
י
ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעטרונקען זײַנע אויערן מיטן פֿאַרבּענקטן געזאַנג פֿון דער גראָער נאַכטיגאַל„, נאַד, זעקס בּיכער.
„אָ, דאָס אויג מיט די ליכטיקע פֿאַרבּן פֿון אַלטע געמעלן״, ש. ראָזענבּערג, שלום אַש...
אָ, די פּילפּעדער (אייבּיקע פּעדער) — שפּאַסיק, אָנפֿילן מיט טינט.
2. געבּן צו טרינקען אַ צאָל. אָ, דעם פּאָלק סאָלדאַטן, די פּליטים. „לאָז פֿעטע עסנס פֿון דײַן הויז זיי געניסן און זיי אָ, פֿון דײַן טײַך דעם זיסן„, ממוס, זמירות 3. אָנשיכּורן.
„דערום טרינקען זיי אָן אירן פֿאָטער מיט ווײַן״, צור, וירא. „האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה און האָט פֿיל מענטשן געבּעטן און האָט זיי אָנגעטרונקען״, קמצא בּר קמצא, לעמבּערג? יאָר? „משקה אויף אָנצוטרינקען אַ וועלט — דאָס איז בּײַ זיי, דאָס איז זייער זאַך„, ממוס,

קליאַטשע. ,,... איך וועל מאַכן אָ, [תּי:
אָנשיכּורן] מײַנע פֿײַלן   פֿון דעם בלוט פֿון די
...
כּשׂדים‘‘, חעט, ד◌רים, לבֿ, 41.
4. באַוואַסערן. אָנזאַפּן מיט וואַסער (רעגן).
,,... דעם טײַו נילוס, וואָס ער אַליין טרינקט
אָן דאָס לאַנד מצרים‘‘, אמד, מסע מצרים, ווילנע
1863. ,,וועט עס... אַראָפּטריפֿן אין גרויסע
טראָפּנס, אָנצוטרינקען זאַט די פֿעלדער מיט
זייערע תּבֿואות,,, ממוס, קליאַטשע. ,,זאָל אין
פֿרילינג די שלאַקסן אָ, גרונטן ביז זאַט‘‘, האַל,
ווײ און מוט, מאָסקווע 1929. ,,דורכגיין זאָל
דער פֿלייץ פֿון רעגן און זאָל דעם מדבּר אָ',
אים אָפּפֿרישן אויפֿסנײַ,,, רובֿ, חורבן פּוילן.
‘‘זאָל נאָר זײַן אַ מינימום וואַסער אָנצוטרינקען
דעם נגבֿ,,, אפֿא, טמז, 1964 ◌ 3.
5. מאַכן אײַנזאַפּן. אַרײַנגעבן אַ פֿליסיקייט.
אָ, מיט רפֿואות. ‘‘יעדן סטאָלער איז באַקאַנט,
אַז כּדי צו פֿאַרפֿאַנירן אַ סטאָרץ מוז מען
אים פֿריִער אָ, מיט קלײַ,,, י. מ. בערמאַן, די
טישלער אַרבייט, סט, פּעטערבורג 1913. אויו
פֿיג. ,,וועט ער אונדז אָ, דעם טראָפּן פֿון
ביטערקייט‘‘, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנע והורדנא תּקע‘‘ט.
6. טרינקען אַ סך (און דערווײַל ניט

באַצאָלן פֿאַר דעם). אָ, פֿון די טײַערסטע ווײַנען און בלײַבן שולדיק. „דער בעל־אַכסניא האָט דערהאַלטן זײַן פעקל כּדי ער זאָל באַצאָלן וואָס ער האָט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען“, נעתּק מאת צדוק צדיקאָוויץ, נעימות יעקבֿ, ווילנע 1869.

אָנטרינקען זיך

אָנטרינקען זיך —— ← דפֿוו. צו בב 1־2:
„וואָלקן, וואָלקן טרינקט זיך אָן און שלינגט מיך אויכעט אײַן“ פּל. „מע דאַרף זיך
אײַנ,
בייגן כּדי פֿון דער קרעניצע זיך אָנצוטרינקען“,
שוו. “האָט ער זיך מיט זיי געפֿרייט אַ גרויס
פֿרייד וואָס ער האָט געפֿונען וואַסער און האָט
זיך אָנגעזעט פֿון זיי, כּלומר ער האָט זיך
אָנגעטרונקען“, חה, 359 פּיג „מיט האָפֿענונג
.
טרינקט אָן... די ווײַט זיך“, פּמ, מלחמה.
“די קליינע חנהלע האָט זיך... אָנגעוואַרעמט
אויף דער זון, אָנגעטרונקען זיך מיט פֿרישער
לופֿט“, נויעך לוריא, באַ דער אָפֿענער גרובֿ,
מאָסקווע 1944. „דער שנײַדער קען זיך ניט

אָנעסן און אָ, מיט זײַנע רעק און הויזן"
[= ער האָט ניט גענוג אויף חיונה], ס.
דיקשטיין פֿון וואָס איינער לעבט, זשענעוו 1920.

'
אָ, זיך מיט (ייִדיש, מיט טײַכן) בּ ל ו ט.
,,האָבּן געוואָלט זיך אָ, מיט אונשולדיקע יודיש
בּלוט", פּלוני, א שרעקליכע געשיכטע פֿון
ר, אלעזר הקדוש וואָט איז געגאַנגען אוי
ידוש השם אין גראָדנא אין יאהר 1 77O,
פֿיעטריקאָוו תרע,,ג. ,,וואָס מיינט די וועלט? געוועז
און שוין פֿאַרשוואונדן? זיך אָנגעטרונקען מיט
די טײַכן בּלוט", סעג, איצטער.
צום בּ3 ,,אַז זיא זיך האבּן אַן גיטרונקן...,
דא זײַן זיא לושׂטיג גיוועזן", בּראַנט, פּרק נט.
"אנשים ריקים בּני בּליעל וואשׂ מדי יום בּיומו
זיצן אין די בּיר הײַזר אונ, טרינקן זיך שיכּור
אַן,,, כּ,,י, 'פּנקס הכשרים של קהלת פּוזנא',
1691. צום בּ4: די פֿעלדער טרינקען זיך אָן.
צום בּ : ,,צו דעם וואָלקן וועלכער האָט זיך
הײַנט מיט זילבּער אָנגעטרונקען", סעג,
סטרונעט.
־עכץ. ־עניש.
אָנטרינק־פּלאַץ — דער, ־פּלעצער.

אָפּגעצאַמט אָרט (לעבּן אַ בּרונעם, טײַך אע) אײַנגעאָרדנט אָנצוטרינקען, אָנצופּאָיען בּעלי־חיים.

אַנטריסט􏰀עט — אַדי. דטשמ. נר.

אויפֿגעבּראַכט, אויפֿגערעגט. אויפֿגעצאָרנט. “ישׂראל [איז] אַנטריסטעט קעגן בּאָן פֿאַר...,,, טמז, 1964 􏰀י25 I. ־ונג — ,,... די טעמע רופֿט אַרויס מאָראַלישע אָדער פּאָליטישע אַ',,, מוק, מײַנע בּאַגעגענישן I.

-

אָנטריסן — טרוו. טריף אָן, ~געטריפֿט.

1. טראָפּנווײַז אָנגיסן (אַרײַנגיסן) אויף (אין) עפּעס. אָנקאַפּען. אָ, צו פּאָר טראָפּנס אין יעדער או􏰀ג. ,,האָט זי פֿונעם פֿלעשעלע זאָרגזאַם אָנגעטריפֿט אַכט טראָפּנס אויף אַ בּרעקעלע צוקער“, ש. גאָרשמאַן, 'וואַלידאָל', סאָוו, היימלאַנד, 1 No ,1963 פֿיג. אָ, (דעם סם פֿון)

.

שׂנאה, האַס.

2. אָנשמעלצן. ,,טריף אָן די שבּת־ליכטלעך אין דרויסן צו אַ צוים“, אול, דער בּאָבּעס אוצר. “ווילסט אַז די ליכט זאָל זיך האַלטן,

טריף אָן אַ ביסל חלבֿ אינעם לײַכטער,,, אבֿק.
,,מ'האָט... אָנגעצונדן אַ ליכט און עס
אָנגעטרי□ט אויפֿן פֿענצטער", באַש, ,דער י□ד פֿון
בבל,. ,,עמעצער האָט שוין אָנגעטריפֿט צווײ
חלבֿענע ליכטלעך דעם מת צוקאָפּנס", זײַנוול
דיאַמאַנט פֿאָרויס, מעקסיקע, אַנ, 2□19.
,

15□2

3. אַרכ. אָנרינען. אַרײַנרינען. "דיא אנדרן
לויט שפּרעכין: עשׂ טריפֿט אונשׂ אַלן אַן, דו
דר טרענקנט דאז שיף, דא קומן מיר אַל אום,,,
בראַנט, פֿרק יא. מיט ז י ך — ,,אָט צוליב
דעם האָט ער מיט קענטעניש זיך אָנגעטריפֿט,,,
פּמ, מלחמה I.
אָנטריקענען — טרוו ־קן אָן, ~געטריקנט.
□
1. מאַכן טרוקן (טריקענער) אַ צאָל. אָ,
עטלעכע זעק סוכאַרעס. אָ, ראָזשינקעס (
ווײַנטרויבן). אָ, קערלעך. אָ, פּירות. ,,איך האָב
אָנגעטריקנט אויפֿן ווינטער אַ ביסל באַרן,,,
אבק.

2. מאַכן עס זאָל פֿאַרלירן יעדע פֿליסיקייט, מאַכן האַרט און קאָנסערווירן. אָ, וואורשט, פֿיש. אָ, סוכאַרעס פֿון אַלטן בּרויט. ‘‘זי בּאַנוגנט זיך אויך מיט אַ סעכער, וואָס די מאַמע האָט אָנגעטריקנט אויפֿן וועג,,, מ. קאָבּריאַנסקי, סאָוו, היימלאַנד, 1 1963, No.

3. מאַכן טרוקן עס זאָל בּרענגען בּעסערן נרצן. אָ, קלעצער, בּרעטער אויף צו בּויען אַ שטובּ. אָ, קינעלעך (שפֿענדלעך) אונטערצוהייצן דעם אויוון.

אַנטרירן — ← איבּעראַנט(ע)רירן, 879;

. איבּערציִען, טרון, בּ4.

אָנטרעט — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנטרעטן. אָ, אויפֿן פֿוס. אָ, אויף גלאָז. אָ, אויף דער פֿאָדלאָגע. ‘‘די וועלט האָט פֿײַנט אַ מענטשן וואָס קען ניט פֿאַרגעסן אַן עוולה, אַן אָ, אויפֿן פֿוס. מע רופֿט אים אַ נוקם ונוטר‘‘, צג, טמז, 5 X 1965. ,,האָט געפֿילט דעם שטילן ציטער פֿון דיל אונטער ר, לייזערס אומרואיקן אָ',,, ש. סײַמאָן, צונײַגן.

אָנטרעטן — אויטוו & טרוו. טרעט אָן, (אויך: בּ י ן) ~געטראָטן (~געטרעטן). 1. אויטוו. אַרויפֿטרעטן, אַרויפֿגיין, אָנגיין אויף עפּעס מיטן פֿוס (מיט די פֿיס); אָנדריקן, אָנקוועטשן

(אויף) עפּעס (אָדער עמעצן). אָ, דער קאַץ אויפֿן
עק. אָ, אויף דער שלעפּע פֿון חתונה־קלייד.
,,אין די הײַזער זאָלן זיי בעטלען גיין, אויף
אַלע שוועלן זאָלן זיי אָ',, פּל. "טרעט אָן

,
אויף אַ קאָטשערע, וועט זי אויך אָפּשפּרינגען";
,,אַז מע טרעט אָן אויף אַ קאָטשערע, שפּרינגט
זי אויך צוריק"; ,,טרעט אָן אויף אַ קאָטשערע,
גיט זי אויך אין קאָפּ", שוו [= יעדערן קען
מען אַרײַנברענגען אין כּעס, אויפֿרעגן;
אַרויסברענגען פֿון די כּלים]. ,,אויף אַ וואָרעם אַז דו
טרעטסט אָן, קרימט ער זיך אויך,,, שוו — דז.
"אַז מע טרעט אָן אומגערן עמעצן אויף אַ
פֿוס, זאָגט מען: איך וועל טאַנצן אויף אײַער
(אײַערע קינדערס) חתונה,,.. ,,דער פּאָטער
וואַרפֿט אויף אים אַן אויג און טרעט אים אָן
אויפֿן פֿוס" [ער זאָל קענען זאָגן אַז ער וועט
טאַנצן אויף זײַן חתונה, אַ מין אָנצוהערעניש
אַז ער וויל זיך מתחתן זײַן מיט אים], שע,
ינגנט־ראָמאַנען.
*אַ, אויפֿן הינעראויג (נאַגניאָטקע, אַגניאָטקע,
מאָזאָליע, אָטשיסקע) — אויך: א) אויפֿרעגן
עמעצן פֿאַרפֿירן אַ קריגערײַ, מחלוקה; ב)
אָנ

רירן אַ שוואַכן, סענסיטיוון אָרט (פּונקט) בײַ

אָנטרעטן

עמעצן. [איך מיט ב2.] „וואָס האָט ער זיך אַזוי צעליאַרעמט אויפֿן גאָרגל? וואָסי? מ'האָט אים אויף דער הייליקער זאַגניאָטקע אָנגעטראָטן?„, נס, משפּחה מאַשבֿער II. „דערווײַל... האַלט מען נאָך... גאָר־גאָר פֿון פֿאָרנט; מע האָט אַפֿילו ניט אָנגעהויבן אָנצוטרעטן איינער דעם אַנדערן אויף די מאָזאָליעס“, בֿערג, בײַם דניעפּער I. „איך וויל דאָ קיינעם ניט אָ, אויף די הינעראויגן“, גרינ, איד און וועלט. אָ, אויפֿן ווײדל — דז. „זי האָט מיר אָנגעטרעטן אויף דעם פֿוס! איר טרייף מזל וואָס זי איז פֿאַרשוואונדן„, ממוס, דער פּריזיוו. „די קינדערלעך זײַנען געלעגן קופּעסווײַז... ווען עמעץ האָט געדאַרפֿט דורבגיין האָט ער אַנדערש ניט געקאָנט סײַדן אָ, ווענען אויף אַ קעפּל, פּיסל, הענטל„, א. לעבֿענזאָן פֿון זאַוואָד אין באָד, ווילנע 1893. פֿיג. „זי האָט דערפֿילט, אַז ער האָט אָנגעטראָטן אויף איר מיידלשן האַרץ„, ע גאָרדאָן, אינגול באָיאַר, מאָסקווע 1935.
2. אוטוו & טרוו פֿאַרטשעפֿען. באַליידיקן.

פֿוגע בכּבוד זײַן; אָ, עמעצן [דאַטיוו] אויפֿן
האָנאָר. „איטלעכער האָט ליב... אָנצוטרעטן
יענעם אויפֿן פֿוס גאַנץ ייִדישלעך“ [
קאָנסטרוקציע פֿון בּ1], ממוס, ווינטשפֿ. „זאָלט איר —
זעט! מיר ערלעך דינען קיינמאָל מיר נישט
אָנצוטרעטן“, אַר, 'לי הכּסף'. „איז חײַקל
געוואָרן אין אירע אויגן זייער אַ פּראָסטער
מענטש, און זי פֿלעגט אים אָפֿט ג ר אָ בּ אָ',,,
בּ גאָרין, שפֿרה..., נ,,י 1910. „איינמאָל האָט
ער עפּעס צו שטאַרק אָנגעטראָטן מײַנע געפֿילן“,
י. א. קאַצאָוויטש, 6O יאָר לעבּן. „צו
קריאתהתּורה פֿלעגן חבֿרה־לײַט מאַכן שפּאַס פֿון דעם
אָדער יענעם ישובֿניק און ניט זעלטן ג ר אָ בּ
אָ',,, י. קאָפּעלאָוו, אַמאָל איז געווען. אָ, אַ
מ ק ח = בּעטן אַ צו הויכן פּרײַז.
3. טרוו. טרעטן מיט די פֿיס און
אײַנטראַמפּלען. אָ, ליים. „איך קריך אַרויס פֿון
זעמל אַנקע, טרעט אָן אַ פֿולן קעסעלע מיט ווײַסן
י
קלאָרן שניי און שטעל אַרײַן אין אייוועלע, —

באַלד האָבן מיר טיי,,, שטערנ, מינסק 1940, No 7‑8.

4. טרוו. אָנטראָגן מיט די פּיס (שיך) און אָנבּרודיקן. אָ, שמוץ אויפֿן טעפּעך. אָ, די גאַנצע פּאָדלאָגע.

5. דערנענטערן זיך צו עמעצן (כּדי זיך צו שלאָגן, צו סטראַשען אע). אָ, אויף דעם יאָלד, דעם וואוילניונג. ,,ער איז גליַיך צו צום בּינטל קצבֿים און האָט גענומען אָ, אויף...,,, בּערג, אין אַ ␣אַרגרעבּטער שטאָט.

6. אָנפֿאַנגען (זיך). דטשמ. נר. ,,... זיך מרצה גיוועזן ומוכן הוא ליום מחר דרכו לקהלתו אַן צו טרעטן,,, אגרת שלמה, תצ,,ב. “... האָט אויסגערעכנט, אַז דער סוף פֿון דער וועלט וועט אָ, אינעם יאָר 1335,,, א. י. בּוכבּינדער, שרעקט איַיך ניט ␣אַרן סוף פֿון דער וןעלט, אַדעס 1895.

7. אַריַינטרעטן; אַריַינקומען. דטשמ. נר. “די קינדער וואָס וועלן ענדיקן אונדזער פּאַנסיאָן, וועלן פּעאיק זיַין אָנצוטרעטן אין גימנאַזיע“, קמ, 37 No ,1864, מודעה.

אַנטרעכטן

8. אָנהייבן פֿונקציאָנירן אין אַן אַמט. אָ,
אַ שטעל. „ובהגיע הגורל עליו דש׳ ער זאַל
גבאי ווערדן זאָל מאַן איהם הגבאות ניט לאָזן
אַן טרעטן, עד שישלם מה שהוא חייבֿ בפּנקס„,
'פּנקס תּקנות חבֿר, קדישא ג"ח [= גמילות
חסדים] פּה באַמבורק שנת תּפ„ג, [12 — 10,
l924, □. □] □ (□].
9. פּד. דזוו אָפּטרעטן. אָפּשטעלן זיך ערגעץ
(אונטערוועגנס אויף אַ ווײַל) צו באַזוכן עמעצן
(עפֿעס). מאַכן אַ קורצן, אָפּטמאָל ניט
פֿאָרויסגעזעענעם באַזוך. אָ, אין דער בעקערײַ. אויפֿן
וועג צו דער אַרבעט אָ, בײַ דער באָבען. „אַזוי
ווי כ'בין געקומען קיין מאָנקעטאָוו, האָב איך
אָנגעטרעטן אין גערטל באַגאַטעלע„ פֿל. „
גע,
טראָפֿן אין שופֿלאָד פֿון קאַסע־טיש אַ ביסל
דראָבנע געלט, — האָב איך אָנגעטרעטן בײַם
דרייקאָפּ אין שענק.. □ „, בימקאָ, גנבֿים.
מיט ז י ך — „... זיך אָנגעטראָטן
פֿאַרגנבעט אויף די פֿיס אונטערן טיש מיט זייערע
שווערע, גראָבע... טשאָבאָטעס", ל. קאָברין
איבז, מאָפּאַסאַן, גש I, '... אַ הויז מיידל'.
־ונג. ־עכץ. ־עניש — "ס'איז אַ
לויפֿעניש, אַ שרײַעניש, אַ שטופּעניש, אַן אָ,

אויף פּיס„, ממוס, ,שם און יפֿת'.

אַנטרעכטן — טרוו. ‎…,רעכט, ~רעכט.
צונעמען אַלע רעכט. מאַכן אינגאַנצן רעכטלאָז.
„דרײַ און אַ האַלבֿ מיליאָן ייִדן זײַנען
פֿלוצלונג געוואָרן אַנטרעכטעט, עקאָנאָמיש
רואינירט און אַנטאייגנט„, ז. לערנער, די נײַע
ייִדישעווירקלעכקייט, ווילניוס [1940].

אָנטרעלבֿען זיך — אוטוו. ־בֿע זיך אָן, זיך
~געטרעלבֿעט. (גראָבֿ) איבֿער דער מאָס
אַרײַנעסן. אָנשטאָפּן זיך; אָנלייגן אַ פֿולע
טרעלבֿע. „.... ווער ס'ועט מער לכּבֿוד שבת
אַרײַנפֿרעסן געקוועטשטן באָבֿ, געהאַקטן
לעבֿער און פּעטשאַ, און ס'ועט מער זיך אָ, מיט
טשאָלנט שאַבֿאַסקאָווע„, פּמ, דעם בעל־הגופֿס
טויט.

אָנטרעמאָשען — טרוו ־שע אָן, ~
געטרע.
מאָשעט. סל. 1. אָנשאָקלען. אָנטרייסלען. אָ,
די פֿרוכטביימער, די פּירות זאָלן אַרונטערפֿאַלן.
2. אָנשלאָגן. געבן קלעפּ. אָנבוכצען. אָ, די
ביינער.

אַ'נטרעני(נ)ק — דער, ־עס ri an: .

.

.nin]□s אַרויסהעלפֿער. אונטערשטופּער.
אָנפֿאַנגער. ,,פּאַטשקע זיך ניט, דו ביסט נאָר אַן
אַ', לאָז צו אַ בעל־מלאָכה,,, רייד (שאַקי, ליטע).
אַנטרענירן — טרוו. ־ניר, אַנטרענירט. < רומ.
1. מיטנעמען עמעצן מיט זיך [צו עפּעס וואָס
איז נעגאַטיוו אָדער נייטראַל, אָבער ניט צו
עפּעס וואָס איז פּאָזיטיוו]. ,,איך בין געגאַנגען
שפּילן אין קאָרטן און האָב אים אַנטרענירט,,.
2. מיטשלעפּן עמעצן קעגן זײַן ווילן. אַ, אין
שענק אַרײַן. מיט ז י ך — זיך
פֿאַראינטערעסירן.
אַנטרענען — דזוו אַנטרינען ←. ,,ווײַל ער
אים מחזיר בתשו□ה איז בחליו, דא מאַכט אים
גאָט אַנטרענין פֿון זײַנם ביזן חולי,,, נצ1, ט/א.

אָנטרענקען — טרוו. טרענק אָן, ~געטרענקט.
n□]n□]□:־□d□M. פֿרגל אָנטרינקען. געבן צו
טרינקען. [אין מאָדערנער ליטרש כמעט ניטאָ.
הערשנדיקע פֿאָרעם אין אַלטער ליטעראַטור,
וואו י האָט אויך געקענט באַצייכענען דעם קלאַנג
ע, אָפֿט אין 19. י״ה, געבליבן אין לד אויך אין
20. י,,ה.] אָ, די בהמות. ,,אין אַזאַ הייסן טאָג
דאַרף מען אָ, אויך אַן עופֿעלע“, רייד (

ווילקאָמיר). "אַ קעמל טרענקט מען אָן מיט וואַסער איידער ער שלעפּט די משׂא", שוו. "כאָמיר [= איך האָב מיר] געלאָזט צ□ען ריטשקעלעך וואַסער אָנצוטרענקען דערמיט אַ וואַלד מיט וואַקסנדיקע ביימלעך", מס, קהלת תּקע,,ט, ב, 5. ,,(השכּירוהו) טרענקט אָן... מואָבֿ מיט איין. □. ביזן בעכר", סהמ, ירמיה, מ□ 26 ,I.

"דער פֿאָרכצומער גאָט האָט גזעט מײַני דאָרשטיגי... אַן צו טרענקן מיך,,, מחזור ר"ה וין,,כּ, הומבורג 1721. "האָט זיי [די קינדער] געלאָזט [אַ] צוואָה אַז זיי זאָלן אָ, ביימער,,, נחבֿ, 'מעשׂה מחכם'. ,,ווי דער באַך טרענקט אָן די פֿעלדער", א. פֿאַוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו תּקצ"ח. ,,אַז דו וועסט לערנען, וועסטו גלײַך זײַן (מעין) אַזוי ווי אַ קוואַל וואָס ער טרענקט תּמיד אָן (גנים) גערטנער,,, הרבֿ א. ל. בראַנדיט, איבֿז, ספֿר □יח ספֿונים, יאַס 1843.

,,איז ניט גענוג מיט רעגנוואַסער — טרע□קט מען אָן מיט די וואַסער... וואָס מע טראָגט אויף דעם אַקסל,,, חעט, דבֿרים, יא, 10. ,,האָט געפּלאַנצט ביימער און האָט זיי אָנגעטרענקט,,, חה, כ, 224.

אַנטרעסאָ'ל — דער, ־ן. < איי < פֿר.

1. גאָרן וואָס איז געבויט צווישן פּאַרטער און ערשטן גאָרן. צווישנשטאָק, האַלבשטאָק. מעזאַנין. 2. סאַלקע. בוידעמשטיבל. קאַמער גלײַך אונטערן דאַך. „אין אַזאַ געוועלב געפֿינט זיך געוויינלעך אַן אַ, גלײַך אונטערן סופֿיט, וואו עס וואוינט די גאַנצע משפּחה", 'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. "געשטאַנען איז ער אינעם פֿלאַקערדיקן אַ'", פּמ, מלחמה II.
אָנטרעסען — טרוו ־סע אָן, ~געטרעסעט.
.
סל. פּפֿ: ~טרעסעווען. 1. אָנטרייסלען. אָנשאָקלען. אָ, דעם עפּלבוים. אָ, די פּאַרשוינען אין בויד. 2. אַ סך, אַ לענגערע צײַט טרעסען און צונויפֿקלײַבן, צונויפֿזאַמלען אין עפּעס. אָ, פֿון דיביימער קערב מיט אויפּס. 3. אָנוואַרפֿן פֿאַרטרייסלען פֿאַרשיטן. צעשיטן. אָ,
. .—
פֿעדערן איבער דער פּאָדלאָגע. אָ, מעל אויפֿן טיש. אָ, שטויב אין די אויגן. 4. אײַנטרייסלען עפּעס און מער, בעסער אָנפֿילן, אָנפּאַקן; אָנשטאַפֿן. אַנטאַפּטשען. אָ, דעם שטרויזאַק מיט נאָך שטרוי. אָ, די קישן און אַרײַנשיטן מער פֿעדערן. אָ, דעם זאַק סטרוזשקעס. 5. אָנברעכן די ביינער. אָ, די ביינער. מיט ז י ך.

אַנטרעפּאָ, — דער, ־ס. < איי < פֿר.
געבײַדע פֿאַר אָפּלאַגערן סחורות אויף אַ צײַט.
ד אַ'ס בײַ דער אײַזנבאַן. ד אַ'ס בײַם האַוון.
י י

אָנטרעפּלען — ־פּל אָן, ..,געטרעפּלט. אוטוו
— מאַכן אַ סך טרעפּ טרוו — דזוו
אָנטראַמפּלען.

אָנטרעפּן

אַנטרעפּריז — דער, ־ן. פּפֿ:
אַנטרעפּריזע, די, ־ס. s. e: e:<.
אונטערנעמונג. פּראָיעקט. אַ גרויסע, אַ ריזיקאַלישע
אַ'ע. אַן אַ, פֿון אַ קאָלאָסאַלן פֿאַרנעם. ,,נאָכן
פֿאָטערס טויט האָט ער פֿאַרדרייט אַן אַ'ע אין
דער פּראָווינץ ער האָט זיך רואינירט“, ש.
גאָדינער איבז, מ. גאָרקי, קלים סאָמגינס לעבן,
מאָסקווע 1937.
אַנטרעפּרענ()אָ'ר — דער, ־ן. < רוס
< פֿר: eמe][Iוe. פּפֿ:
אַנטערפּרעניאָר. 1. ווער עס אָרגאַניזירט, פּלאַנירט
גרויסע געשעפֿטן; איניציאַטאָר און

אַדמיניסטראַטאָר פֿון וויכטיקע האַנדלס־פּראָיעקטן פֿון
,
אונטערנעמונגען. אונטערנעמער. [בײַ אמד: ,,
אַנטרעפּאַניור (פּאָדראַצי)“.] 2. אימפּרעסאַריאָ
(←). אַ, אין דער פֿאַרווײַלונג־אינדוסטריע.
“ער איז אַרײַנגעגאַנגען צום אַנטרעפֿרענאָר און
האָט זיך אָנגעגעבן פֿאַר דעם גערימטן
אַרטיסט...,,, שמעון בעקערמאַנן דער מאָרגען
שטערן, אַדעס 1884. ,,אונטן גייט געחתמעט:
דער רעזשיסער, דער דיריזשער און דער
אַנטרעפּרינער“, שע, אַלט־נ. כּתרילעווקע. ־יש
— אַדי. אונטערנעמעריש. ,,די י דישע
ליטעראַטור האָט ווייניקער ווי אין רוסישן טעאַטער
געקענט אײַנצוימען דעם אַ'ן גײַסט פֿון דעם
ייִדישן טעאַטער בעתן צאַריזם“, שטערן, מינסק
.No ,1934 12

אָנטרעסן — אַקוזוו & אוטוו. טרעף אָן, ~
געטראָפֿן. 1. אָנגיין (אָנלויפֿן, אָנקומען) עמעצן
(עפּעס) פֿנים־אַל־פּנים, אַנטקעגן; (גייענדיק)

צוּפֿעליק כּאַגעגענען, דערזען עמעצן אָדער עפּעס.
אָ, עמעצן אויפֿן וועג. אָ, אַן אַלטן בּאַקאַנטן.
אָ, אַ וואָלף אין וואַלד. אָ, אַ בּייזן כּלבֿ. ,,ווען
מיינסטו האָבּ איך דאָרט אָנגעטראָפֿן?,,. “
חזירים, שׂונאים זײַנען אין שלאָס גילאפֿן, אַלשׂ
גיהרגתּ וואשׂ זיא האבּן אַן גיטראפֿן,,, 'קינות
אויף כּמעלניצקיס גזרות', פּראָג 1648? ,,צו
איין גס אין דר אַנדר איז ער גלאפֿין. דרײַ
יודין קינדר האָט ער אַן גטראפֿן,,, אַהרן
בּר, יוסף, ,איין שין נײַא ליד פֿון אובֿן,, פּראָג
1688 [2□ 1937, □[□)□(□]. ,,און, אלזו לשם
קומין וואור מיר מחו'[תּני] הקצין ר“ש [ר,
שמשון] הנ“ל אַן גיטראפֿין, וועלכיר איין גרושׂי
שׂמחה מיט אונשׂ גיהאט“, גה, 256. ,,איין מאָל
האבּ איך איין גזלן אַן גטראפֿן“, ספֿר □יח
ה□דה פֿיורדא תּצ,,ז, פּרק ג. ,,האָט דאָרט [אין
,
פֿעלד] אָנגעטראָפֿן דרײַ טשערעדעס שעפּסן
הויערן אַרום דעם בּרונעם,,, אַש, תּהילים־ייִד.
“איך האָבּ גערעדט צום פֿאָלק, געוועקט זײַן
גלויבּן, האָפֿן, ווען ענדלעך האָט מיך דאָ דער
תּלין אָנגעטראָפֿן“, אַל III, 'רבּי עקיבֿא'.
2. אָנשטויסן זיך, אָנשלאָגן זיך אויף עפּעס

אָדער עמעצן. בויערן אין דער ערד און אָ, נאַפֿט.
גראָבן און אָ, אַן אוֹצר, אַ טאָפּ מיט גאָלדענע
רענדלעך. אָ, שוועריקייטן. אָ, אַן אָפּאָזיציע. אָ,
אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. אָ, דעם פּאָפּולערן
געדאַנק אַז.... אָ, אויף אַ האַרטער נוס = אָ,

אויף אַן עקשן, אַן אײַנגעשפּאַרטן; ניט קענען
פּועלן; ניט קענען בײַקומען, איבערצײַגן. אָ,
אויף אַ וואַנט — דז. אָ, אויף אַ פֿאַרמאַכטער

-

אָנטרעפֿן

(פֿאַרשלאָסענער טיר) — דז. *אָ, אויף טויבע
אויערן — דז. אויך: ניט געפֿינען עמעצן וואָס
זאָל וועלן אויסהערן טענות. „אזו איין פֿול
קומליכשׂ בראַנט שפּיגל... ניט אהן
גיטראָפֿין“, בראַנט, שער־בלאַט. „האָט אַן גיטראפֿין
איין פֿוגיל דר דא היישׂט (קיפֿופֿא) וועלכיר
זײַן נעסט אויף דעם בוים הט„, מע ה של
ירושלמי, הומבורג [1711]. „איך פֿר גלײַכי
דעם (בן אדם) דער דיזי וועלט זוכט צו איינם
דער דורשטיג איזט אונ, טרעפֿיט אַן

גיזאַלצינה וואַשיר“, ספֿר מבחר הפּנינים, הומכּורג
תּצ„ט, מא/א. „ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ
גוטן שלאַק“, דער אַקציזניק, זשיטאָמיר 1868.
„האָבן מיר אָנגעטראָפֿן זייער פֿיל
טשערעפּאַכעס אין ים“, היסטארייע איינע שיף בראָך,
וואַרשע, יאָר? „ווען איך וואָלט דאָ די משקה
ניט אָנגעטראָפֿן, וואָלט איך פֿון דער חופּה
באַלד אַנטלאָפֿן“, גאָר, 'די משקה'. „די השגחה
פֿרטית פֿירט דעם מענטשן ער זאָל אָ, אויף
אַזעלכע זאַכן וואָס זאָלן ווייך מאַכן זײַן האַרץ
ער זאָל תּשובֿה טאָן“, לדבֿ, מאמר ראָש־השנה,
נ״י תּ״ש. ״האָט... אויסגעשטרעקט זײַן
הענטל און אָנגעטראָפֿן אויף אַ וואַרעם הענטל
מיט אַ סאַמעטענער הויט“, סמבֿ.

3. געפֿינען. שווב פּאַרטײַטשט 'מצא..., —
„גמינדן צו רײַכן, אַן טרעפֿין“. אָ, וואָס מע
זוכט. אָ, אַ וועג אין לעבן. ״זילבר און, גאָלד
און, בר געלט ווש זיא האבן אַן גיטראפֿן“,
ווינץ. „ווײלן מן ניט פֿיל לײַט אַן טרעפֿט דיא
דאז לשון פֿון זוהר רעכט פֿר שטין קענין“,
אַריה ליב זעליגמאַן, תּקוני המועדים, פֿיורדא
1725. „איך האב לע״ע בײַא מיר לערך שמונים
בושיל פֿלאַקס זיד, קאַן אבר קיין גלעגנהייט
אַן טרעפֿן אום למקום צו שיקן„, פּבֿ, 1761

[אמ, ייִד, היסטאָרישע געזעלשאַפֿט, נ,,י 1937].
,,זײַן כּוונה איז דאָך אַלץ געווען דאָס
גאָלדלאַנד אָנצוטרעפֿן‘‘, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח,
באַרדיטשעוו 1817. ,,מע קען גאָרניט וויסן, דו
קענסט זי גראַדע אָ, אין אַ גוטער שעה‘‘, בּ.
בעקערמאַנן, דער יודישער שפּיעגעל, זבּ,
וואַרשע 1895. ,,ניט אַלעמען דינט דאָס מאָל
אָנצוטרעפֿן ערטער וואו מע קען באַקומען
,טעג',,, ממוס, שלמה.

4. באַטרעפֿן. קאָסטן. האָבּן די ווערט. (דער)־
גרייכן אַ (די) סומע, ציפֿער פֿון....

אונטערצ□ען דעם סך־הכּל און זען וואָס עס טרעפֿט אָן
דער גאַנצער חשבּון. וויפֿל טרעפֿט עס אָן אַרום
און אַרום? די סחורה טרעפֿט אָן אַ קײַמאַ־לן
פֿון.... פֿאַרקויפֿן פֿאַר צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי
דער קרן האָט אָנגעטראָפֿן. ,,וואַסער טרעפֿט
גאָרניט אָן, וואָס זשע ביסטו קאַרג דעראָן?,,,
פֿוול [בײַם מוסרן עמעצן וואָס האַלט זיך ניט
ריין]. ,,מחויב צו משפּטן השׂגת גבֿול ווען דער
תּובע □ר זיי פֿיר נעמט, וואז דא אנטרעפֿט עד
עשׂרה זהו, כנ‘‘ל‘‘, תּקק. ‘‘... האָט מיט מיר
גירעט זײַן חובֿ הלבֿן, טרעפֿט אַן מאה ושבעה
זהו'[בּים]‘‘, פּראָגבּ, 50 □ ,,... איר אויז גיגעבּיני

ח״כ [חילופֿי כתבֿ = ווערקסלען] ווערלכיש בײַא
ך, אלפֿי, ר״ט אַן גיטראפֿין״, גה, 247. „ווען
איינער האָט געקויפֿט אַן אתרוג, דערנאָך

1

טרעפֿט זיך אים אַ טײַערער צו קויפֿן, איז ער
מחויבֿ קויפֿן אַפֿילו ער טרעפֿט אָן טײַערער
מיט אַ שליש פֿון דעם ערשטן״, לט2, קיב/ב.
„וואָרעם די גאַנצע וועלט טרעפֿט בײַ אים
גאָרניט אָן„, נחבֿ, 'מעשׂה מהז, בעטלירס'. „די
אותיות פֿון קאָרטן טרעפֿט אָן אַזוי פֿיל ווי
דער צאָל פֿון דעם וואָרט שׂטן״, אמד איבֿז,
בית אַבֿרהם, ווילנע 1865. „מישטיינס געזאָגט
וואָס דאָס גאַנצע קלייטל האָט אָנגעטראָפֿן״,
ממוס, מסעו [.
5. אַרײַנטרעפֿן. צוטרעפֿן. טרעפֿן ריכטיק.
גוט (שלעכט) אָ'. אָ, מיטן ענטפֿער. אָ, מיט
אַ שותּף, שכן אע. אָ, אין פֿינטל אַרײַן =
אויך: גענוי אַרײַנדרינגען אין עפּעס. אָ, אין
סאַמע האַרץ פֿון דעם ענין, פּראָבלעם. אָ, אין
ציל אַרײַן. אָ, די ריכטיקע רפֿואה פֿאַר דעם
חולה. אָ, דאָס חיות = עס גייט אין לעבן.

,,האבּ קיין פֿשוט [= פֿעניג] צו צערין ווען עשׂ מיר ח"ו זעלט דאָס חיות אַן טרעפֿין“, פּראָגבּ, 54. ,,טראַכט איבּער, שטייענדיק כּעני בּפּתח, אפֿשר טרעפֿט ער אָן צו יענעם אין אַ שלעכטער שעה“, ממוס, 'דער חילוף'. ,,אפֿשר מיינסטו גאָר אַז איך בּעט מיך זייער צו דיר? אַהאַ, אַוודאי; דאָ האָסטו טאַקע אָנגעטראָפֿן,,, עט, סערקעלע. ,,נאָך אין אַ שעה וועל איך אויך אָ, [צו זײַן תּפֿילה]“, גענאַרטע וועלט, 1815? ,,הבּ עשׂ תּ"ל זער וואול אַן גיטראפֿן, איך ווער כּל יום ויום פֿרײַנטליך טראַקטירט“, י מאַרשן, חנוך לנער פֿיורדא תּקל,,ד, ד/ב.

6. (אָנ)בּאַלאַנגען, האָבּן אַ שײַכות צו — אין אויסדרוק וו אָ ס אָ נ ט ר ע פֿ ט. “וואָס הוצאָות אָ', וועט אײַך דער פֿאַראיין געבּן פֿון זײַן קאַסע“, רייד (קאָוונע). ,,דאשׂ בּית דין זאָל פּסקן צווישן איינם בּר ישׂראל אונ, דעם אַנדרן וואשׂ געלט אַן טרעפֿט“, מחזור שלש רגלים, ה"בּ, אַמשט 1713, רכו/א. “ווען איינר איין משפּט העט דז אים אַן טרעפֿט (גוף און ממון) וויא ווערט ער דען שטין אין אייטל פֿאָרכט“, לט1, י/א. ,,וואשׂ דא אָסור איז אם שבּת איז

אַך אָסור אם (יום טובֿ), אויש גינומן אַלש וויש אַן טרעפֿט עשן. שפּײַז מג מן וואול אם יום טובֿ טון,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723, בא/א. ״זאָל איטלכי פֿרוי אירי טעכטר גאַר וואול אונטר ווײַזן וואש יודשקייט אַן טרעפֿט״, עפּש, דרך הישר לעולס הבֿא, שקלאָוו 1796, פּרק לח.

מיט ז י ך — אָ, זיך מיט לאַנדסלײַט, מיט באַקאַנטע. אָ, זיך אויף אַ שטאַרקער אַפּאָזיציע.

אָ, זיך אויף שטערונגען מצד. .. ״יעדעס מאָל וואַס איך האָבֿ זיך אָנגעטראָפֿן מיט מײַן טיפֿערן אינערלעכן חשבֿון וועגן ייִדישן לעבֿן...,,, הל, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, נ״י, 1 XII 1937. ,,האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט אירע שיינע אומעטיק־גרינע אויגן״, ה. בֿערגנער צוק, נאָוו, 1953.

אָנטרע ־ונג ־עכ ן ־עניש —

. . .

״די אָ'ן מיט די גײַסטיקע פֿירערס, וואָס האָבֿן נישט געהאַט גענוג גײַסט״, יג, תּוך I.

אָן טרערן — אַדוו פֿראַזע. אויך: אָן שוועריקייטן; אָן ווייטיקן; מיט אַ לײַכט געמיט. אָן זיך צו פֿאַרטראַכטן; אָן איבֿערלייגן זיך. אָן

אַנטשוואַרצן

איבערקלערן זיך. „די דריטע גענעראַציע
אַמעריקאַנער ייִדן האָט חתונה מחוץ דעם י□דישן
לאַגער 'אָן טרערן, ווי מע זאָגט„, צײַט, טמז,
.I 19(□5 22

אָנטערערנדיק — אַדי. וואָס איז אָן
טרערן. וואָס פֿאַרגיסט ניט קיין טרערן. אָ'ע
טראַגעדיע. אָ'ער הספּד.

אַנטרעשאַ, — דער, ־ען. < פּר פֿלינקער
שפּרונג בײַם טאַנצן.

אָנטשאַדען — אוטוו & טרוו. ־דע אָן, ~
געטשאַדעט. 1. אָנרייכערן מיט טשאַד;
אָנלאָזן טשאַד. עס האָט אָנגעטשאַדעט פֿון נאַסע
האָלץ. 2. אָנסרחען. אָנשטינקען. 3.
אָנפֿלו□דערן□ אַ סך און גיך ריידן. אָ, מיט
ניטגעשטויגענע מעשׂיות, מע זאָל אַוועק מיט אַ
קאָפּווייטיק. „ס'איז ניטאָ קיין איין וואָרט אמת
אין דעם וואָס זי האָט אָנגעטשאַדעט„, טמז,
.8 י□I 19□4

אַנטשאָווי — די, ־ס. אויך: אַנשואָ,
אַנטשאָאַ. < שפּאַ קליין ים־פֿישל, ענלעך
צו אַ קליין הערינגל. „די סאַרדינען און אַ'ס
געפֿינען זיך אין מיטלענדישן ים און בײַ די

דרום־מערבֿדיקע ברעגעס פֿון אייראָפּע... זיי
ווערן געברויכט אין גרויסע מאַסן
געזאַלצענערהייט, גערויכערטערהייט אָדער גאָר
מאַרינירט“,
דר, איסעל איבז אָטאָ שמײַל, זאָאָלאָגיע, ווילנע
.][ngraulis enc][sic bo]s.1924

אַנטשאַסן — טרוו. ~שאַף, י.,שאַפּט. חרובֿ
מאַכן, צעשטערן וואָס מע האָט געשאַפֿן (
באַשאַפֿן). מאַכן אויס וואָס מע האָט פֿריִער
באַשאַפֿן. ,,גאָט וועט אַ, די וועלט וואָס ער האָט
באַשאַפֿן“, ,,איך אַנטשאַף די וועלט“, נאַד.
אָנטשאַקען — טרוו. ־קע אָן, ~געטשאַקעט.
אָנדערציילן, אָנהאַקן אַ סך ליגנס. אָ, און
פֿאַרדולן דעם קאָפּ.
אַנטשאַר — דער, ־ן. בוים פֿון דער
טוטןמשפּחה. די בלעטער זײַנען לענגלעך און
איינפֿאָרמיק. זײַן ווײַסלעכן זאַפּט האָט מען געניצט
צו באַשמירן די שפּיצן פֿון
פֿײַלן, ווײַל מע האָט עס

געהאַלטן פֿאַר אַ סם. אין־דער
אמתן רופֿט דער זאַפֿט אַרויס
געשווירלעך אויף דער הויט. עס
זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט
לעגענדעס אַז אַלץ פֿון דעם בוים
איז סם. An▯iar▯s ▯o▯ ▯c▯ar▯a.

אַנטשבתן — [... שאַבעסן] טרוו. ~שבת, ▯..,,שבתט. נעאָל. מאַכן אויס שבת. מאַכן צוריק וואָכעדיק. ,,אַ', אַנטפֿלעקן פֿון וואָכן דאָס הוילע לײַב“, נאד.

אַנטשוואונדן ווערן פֿטמ, לאָקל (קאָוו▯---- נע). דזוו פֿאַרשווינדן.

אַנטשוואַרצן — טרוו. ~שוואַרץ, ▯,שוואַרצט. אַוועקנעמען, אַוועקוואַשן, אַוועקרײַבן שוואַרצקייט פֿון עפּעס. מאַכן אויס שוואַרץ. אַ, דעם הינטערגרונט פֿון בילד פֿון דעם האָריזאָנט.
,
פֿיג אַ, עמעצנס פֿאַרשוואַרצטע רעפּוטאַציע. אַ, עמעצנס נאָמען.

אַנטשוויגן

אַנטשוויגן — אַדי, פּאַר אַנטשווײַגן'. ←

,
דוווו. אַ'ענע קלאַנגען. אַ'ענע וועלט. ,,וואר
ווייס וואָס די בּיימער אַ'ענע קלערן,,, מל, ,וואר
ווייס...'. ,,רויז־רויט איז דער הימל, טונקל
ווערט די וועלט... וואַלד און פֿעלד אַ',,,
יהואָש, זון און נעבּל פֿיל לידער געהערט

,,

האָסטו זינגען, און פֿילע שוין זײַנען אַ,,,, אַר,
'דער וואונדער,. ,,איך עפֿן מײַן מויל דיר
וואונדער דערציילן און בּלײַבּ אַ, אָזוי ווי אין
שלאָף“, הל, ,נאָך אַלץ ניט ראוי'. -
ערהייט. ־קייט — ,,און אָט ווערט דײַן קול
אַנטשוויגן, און פֿון דײַן אַ, קומען אַרויס מיט
אַ נײַערן ניגון געזאָנגען פֿון אונטער דײַן
גומען,,, הל, אין טרעבּלינקע....
אַנ(ט)שוויגן ווערן — נייטראַל. ווער אַ,,
בּ י ן אַ, געוואָרן. Mhd: s. 1'i e.
מיטאַמאָל, פֿלוצלונג אויפֿהערן רעדן און
איבּערגיין אין אַ מצבֿ פֿון שווײַגן. ווער שוין אַמאָל
אַ'! ,,אײַ וויי! האָט זיך דער ייִנגל אָפּגערופֿן,
די מאַמע וועט ניט אַ, וו',,, אמד, גדולת
ראָטשילד, ווילנע 1865. ,,די יונגעלײַט היצן זיך,
רעדן פֿאָר פֿײַער פֿאַר וואַסער... בּיז עס לאָזט

זיך זיי אויס ווערטער און ווערן אַנשוויגן“,
ממוס, ,ד אַלטע מעשׂה'. ,,ער איז אַנשוויגן
י
געוואָרן און געזען אַז קיינער רופֿט זיך נישט
אָפּ“, יר, גש . ,,זי רעדט... בּיז עס
בּאַשלאָגט זי אַ שווייס. דאַן כאַפּט זי אַרײַן דעם
עק שאַל אין מויל אַרײַן און ווערט אַ',,, סמבּ.
2. ווערן שטיל. בּלײַבּן רואיק. אויפֿהערן
אַרויסגעבּן קלאַנגען. אַנטשטומט ווערן. די
האַרמאַטן זײַנען אַ, געוואָרן. די ראַדיאָ־
סטאַנציע איז אַ, געוואָרן. ,,נחומצע האָט זיך ווי אַ
קעצעלע אַרונטערגעכאַפּט אונטער דער
צעפֿליקטער קאָלדרע... און איז אַ, געוואָרן“, בּ.
שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.
“אין דער מינוט דערפֿיל איך אַ שטאַרקן קוועטש
אין זײַט און ווער אַ, פֿאַר פּחד און ווייטיק,,,
ממוס, 'בּישיבֿה של מעלה'. ,,עס ענדיקט זיך
דער שיינער טאָג, די געגנט ווערט אַ',,, יהואָש,
,זונען־אונטערגאַנג'. ,,די מאַסע איז
העשענדיק אַ, געוואָרן“, מק, מאָנטיק. ,,אין דער נאַכט
אין מיטן טוט אים קיינער וויגן, — וויינט דאָס
קינד און שרעקט זיך און עס ווערט אַ,,,, הל,
,אין אַ זײַדן העמדל'.
3. אויפֿהערן זײַן טעטיק, שעפֿעריש.

אויפֿהערן שרײַבן, ניט לאָזן הערן פֿון זיך. דער באַרימטער שרײַבער, קינסטלער, אָראַטאָר איז אַ, געוואָרן. "דער פֿירער פֿון דער פּאַרטיי האָט זיך איזאָלירט. זיך אָפּגעשלאָסן און איז אַ, געוואָרן,,.

פֿיג. שטאַרבן. פֿאַרשווינדן. דער חולה האָט אויסגעהויכט די נשמה און איז אויף אייביק אַ, געוואָרן. קללה: אַ, זאָל ער וו, אויף אייביק!

אַנטשווינדן — אוטוו. ~שווינד, ~שוואונדן.

Mhd: e1 ▯ ▯־sי▯ine] ▯. אויך: ~שוואונדן ווערן. פֿטמ: ~שווינען. פֿאַרשווינדן.

פֿאַרשוואונדן ווערן. ניט ווערן. נעלם ווערן. אַ, פֿון אונטער די הענט.

אַנטשווענצן ▯ טרוו. ~שווענץ, ~שווענצט.

אַוועקנעמען, אָפּהאַקן, אָפּטיילן דעם עק (

1575הינ

▯ טערשטן טייל) פֿון גוף. דערהרגענען די הינטערשטע רייען אין (פֿון) דער מחנה. באַר משה פֿאַרטײַטשט ,וזנבתּם אותם, (יהושע, י, 19): ,,און איר זאָלט זיי אַ',, [תּי: ,,און איר זאָלט שלאָגן זייערע הינטערשטע,,].

אָנטשוועקלען — טרוו. ־קל אָן, ~
גיטשוועקלט. פּפֿ: ~טשוועקעווען. אָנקלאַפּן,
אָנפֿעסטיקן, אָנשלאָגן עפּעס מיט טשוועקלעך
(טשוועקעס, נעגל). אָ, די זוילן. מאַכן אַ
דיסעקציע פֿון אַ פֿראָש און אָ, אויף אַ ברעטל.
"די פֿעלכלעך דאַרף מען... אויסציִען און אָ,
מיט די האָר אַרויף", ייִשפּ XX, 3.
אַנטשולדיקונג — די, ־ען. 1. אַקט,
פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַנטשולדיקן (זיך).
מחילה פֿאַרגעבונג. אַן עפֿנטלעכע אַ,. בעטן
.

א'. פֿאָדערן אַן אַ, ,,ער האָט געבעטן אַ',
וואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען פֿריִער,,,
ספּ, סודות. ,,ער האָט דעמאָלט... געוואָלט זי
בעטן אַ',,, וו.ס I, דאָס לעבן'. 2.

פֿאַרענט

פֿערונג. תּירוץ. אויסרייד. ,,דײַן אַ, האָט עפּעס

קיין טעם ניט“. ,,הגם דאשׂ איך וואול ווייס
דאז זולכ אַנטשולדיגונג גאַר וויניק פֿאַר
י
המקום בּ,,ה [בּרוך הוא] העלפֿין ווערין,,, גה,
.272
אַנטשולדיקן — טרוו. ־יק, ~שולדיקט:M d
פֿאַרגעבן, מוחל זײַן ent. 1־s hı l iI e
.
(עמעצן). ,,אַנטשולדיקט!“ [בּײַם ניט־בּכיוונדיקן
טאָן עפּעס וואָס איז ניט ניחא, אומבּאַקוועם

פֿאַר דעם צו ווענען מע זאָגט עס]. ,,איר וועט
מיר אַ, וואָס איך האָב אײַך אָנגעטראָטן אויפֿן
פֿוס,,. א, פֿאַר א באליידיקונג פֿאַר אַ
גראָבּ— — — ־
,
קייט. אַ, פֿאַר שלעכטער אויפֿפֿירונג. ,,
אַנטשולדיקט וואָס איך האָב אײַך געשטערט“.
,,אַנטשולדיקט מיך פֿאַר מײַן מיאוסער
האַנדלונג“. ,,איך בּעט מיך אַ, וואָס איך האָב נישט
געקאָנט קומען“, ספּ, סודות. “אַנטשולדיקט
מיך, וואָס איך אונטערשטיי זיך צו קומען

אײַך האַלטן אַ רעדע“, װינטש 2 .I.
דערלויבן. צושטימען. אײַנשטימען. מסכּים זײַן.
ניט האָבן קעגן. אַ, דעם שילער פֿון קלאַס. אַ,
פֿון התחײַבֿות פֿון אַ פֿאַרפֿליכטונג. 3.
ריין,
וואַשן. אַראָפּנעמען, באַפֿרײַען פֿון שולד. “איר
דאַרפֿט אים ם[אַר מיר ניט אַ',,. ,,און, דער [קיס]

ווערט מיך רייניגן און, ער ווערט אַנטשולדיגן
מיך פֿון דער שולד דער דאָזיקן מיט זײַנן
בריפֿן ווען דו עשׂ ביגערשׂט,,, יוסיפֿון, אַמשט
1661, רג.
אַנטשולדיקן זי — ← דפֿוו. 1. בעטן
ד
מחילה פֿאַרגעבונג. אַ, זיך פֿאַרן לערער. אַ,
.
זיך פֿאַר אַן עלטערן. אַ, זיך פֿאַר אַ דאַמע.
,,און זי האָט זיך שטאַרק אַנטשולדיקט מיט
אַ העפֿלעך זיסן נויג,,, אַר, 'מאָדערנער ראָמאַנס'.
2 פֿאַרענטפֿערן זיך; זאָגן (זוכן) אַ תּירוץ
.
צו באַרעכטיקן עפּעס. אַ, זיך פֿאַרוואָס מע האָט
פֿאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט פֿאַר

,
אָפּפֿאַר־
טאַטשעווען אַ שטיקל אַרבעט. „האָט ער דיא
קיסרתּי אירעני... אויז פֿאלשין הערטצין
גוטי וואַרט געבין און זיך גאַר ווייטליפֿטיק
[= ווײַטלויפֿיק] אַן גיפֿאנגין צו אַנטשולדיגן,,,

אַנ□ שטייאונג

גה, 95. 3. אויף אַ העפֿלעכן אופֿן זיך
אָפּבעטן, זיך באַפֿרײַען פֿון עפּעס אַ התח□ יִבֿות;
אַ, זיך פֿאַר די געסט און אַרויסגיין פֿון שטוב.
אַ, זיך פֿאַרן בעל־הבית און בעטן צו באַפֿרײַען
פֿון אַ געוויסער אַרבעט. „איך האָב פֿון אָנהייב
געקלערט זיך צו אַ', איבעררײַסן דעם שמועס
און גיין צוריק צו מײַן אַרבעט“, דא, פֿון
בעדלין ביז..., וואַרשע 1930. „אַז עס איז
געקומען זײַן רייע צו רעדן, האָ□ ער זיך
אַנטשולדיקט“, היימיש, אָבֿ־אלול תּשכ„א.
אַנטשטאַנען — אַדי, פּאַר אַנטשטיין ←.
די אַ'ע שוועריקייטן. אַ נ□ אַ'ע סיטואַציע.

יאַנטשטאַנען ווערן — נייטראַל. ווער אַ', בין
אַ, געוואָרן. פּר. דערשטוינט ווערן. לל.

אַנטשטאַרבן — אוטוו. ~שטאַרב, ~שטאָרבן.
אַוועקשטאַרבן. אָפּשטאַרבן. אַטראָפּירט ווערן.
,,אַזו אַ, אונדזערע איבערלעבונגען,,, ירמיה
י

העשעלעס.
אַנטשטוינט ווערן — נייטראַל. ווער אַ', בין
אַ, געוואָרן. ווערן דערשטוינט, איבערראַשט,
צעטומלט. ,,איז געוואָרן אַ', די אויגן זײַנען
קײַלעכדיק געוואָרן, גרויס און אויסגעגלאָצט,
ער האָט אויף אַ ווײַלע פֿאַר□ עסן צו לעבן,,,
מק I, ווילנע 1929.
אַנטשטומט ווערן — נייטראַל. ווער אַ,, בין
אַ, געוואָרן. דזוו אַנטשוויגן ווערן (□.), מיט
אַלע בבֿ נאָר שאַרפֿער, בולטער,
עמאָציאָנעלער. אַ, וו, פֿון שרעק, פֿון איבערראַשונג. ״דו
וועסט ניט אַ, וו', דו פּיסקאַטע״, שע, ,יקנה,,ז,.
,,האָט אָנגעהויבן שטראָפֿן דעם הונט, ער זאָל
אַ, וו, — און ער איז אַ, געוואָרן״, שע, 'אויפֿן
פּידל'. ,,די שבֿחים פֿאַר דער אַסימילאַציע וואָס
האָבן נאָך גאָרניט לאַנג געקלונגען אַזוי הויך
זענען איצטער עפּעס אַ, געוואָרן,,, זשיט III□,
נ״י 1919. ,,... אַפֿילו דאָ, וואו אַלע ספֿקות

וואָלטן געדאַרפֿט אַ, וו', האָבּ איך
פֿירצובּרענגען ספֿקות וועגן דרײַ תּוך־זאַכן", מוו, ייִפֿאַ,
1938, 10. קללה: אַ, זאָל ער וו'! אויף
אייבּיק.

אַנטשטומט — אַדי. ,,... אַפֿילו דאָס
געוויינטלעך מענטשלעכע לשון האָט אים
אויסגערונען, ער איז געבּליבּן אַ'", נס, משפּחה
מאַשבּער II. ,,אויף דײַן גוף דעם רונדן פֿוילן
בּלאָטערן, צערייצטע טיפֿע וואונדן — שטעט,
אַ'ע שטעט", מק, 'ערד'. ,,שיסערײַען פֿון
פֿאַרצײַטישע האַרמאַטן, אַלאַרעם — קלאַנג פֿון
לאַנג אַ'ע גלעקער", צײַט, גש I.

אַנטשטומען — אָן וו ע ר ן, זן. ,,
שטילער, ליד, אַנטשטום אין האַרצן,,, דא, 'צבֿיה'.
"ועט דען די פֿראַגע אין אונדז אַ'?,,, קאָר III.
,,דאָס ליד, וואָס מאָנט פֿאַר הונגעריקן בּרויט,
אַ, וועט צוזאַמען מיט דער נויט,,, י. מאַניק,
טריט אין בּאַגינען.

אַנטשטיי — דער, ־ען. אַקט פֿון
אַנטשטיין. אויפֿקום. געבּורט. ,,דער אַ, פֿון דער
ייִדישער מדינה,,, בּצלאל שערמאַן, איק, 1957.

אַנטשטייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אַנטשטיין ←. ,,דאָס, רבּותי,
איז די אַ'ס־געשיכטע פֿון דער חבֿרה ,משׂכּיל

אַנטשטיין

אַל דל'‘‘, ממוס, קמ, 4 1865, No. ,,ווי יעדער
מאַטעריאַליסט האָט ער געמוזט אָננעמען...
אַז די אַ, פֿון גאָרניט איז אַן אוממעגלעכע
זאַך‘‘, זשיט I, נ‘‘י 1919. ‘‘... אונדזער
ליכט איז נישט מער ווי אַן אייסטויש פֿון
עלעקטרישע און מאַגנעטישע פֿעלדער, איז
אינגאַנצן פֿון עלעקטריש־מאַגנעטישער אַ'‘‘,
גוט. ,,צום פֿאַלן פֿון דער אַלטער
קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און צו דער אַ, פֿון דער
נײַער, סאָציאַליסטישער‘‘, ייִז, בּרידער
אַשכּנזי. ,,... בײַ דער אַ, פֿון דער קראַנקייט
[שפּילן אַ ראָלע] נאָך אַנדערע בּאַגלייט־
מאָמענטן‘‘, פֿגעז, ווילנע 5 1940, No.
אַנטשטיין — אומוו. ~שטיי, בּ י ן ~
שטאַנען. בּבּ 1־2 דטשמ, אָט געניצט.
1. זײַן דער פֿועל־יוצא, רעזולטאַט פֿון
עפּעס. אויפֿקומען. זיך בּאַקומען. זיך שאַפֿן.
אַ נײַער, געזונטער דור אַנטשטייט. האָט
אָרויסגעזאָגט אַז אַ ייִדישע מדינה וועט אַ'.
איז אַנטשטאַנען צווישן די שכנים אַ

קריגערײַ. "אביר דאַר זאלכיש ניט גישעהין איזט גרויש מחלוקות אַנטשטאַנדין װעלכיש ניט נוטצליך צו שרײַבין איזט", גה, 322.
„... סכסוכים ער װעקין, הזיקות ענטשטיהן", אגרת שלמה, ג/א פילה משפטים ומחלוקת

"

מחמת הקדמה געלדר במדינתנו ענטשטיהן...„,
'עקסטראַקט מפּראָטאָקאָל של המדינה יצ"ו מיום הועד נ"ע [נידרענהיים]', 1777. „אין אָט דער אַטמאָספערע פון מענטש־אויפשװאונג האָט עס געמוזט אַ, די פסיכאָלאָגישע מענטשװיסנשאַפט", פּ. שניאורסאָן, מענטש־װיסנשאַפט I, נ"י, אַפּריל 1930.
2. אַרויסקומען סון פאָרמירן זיך. אָנהייבן

.

זיך. עס קען אַ, אַ טומל. „ס'איז אַנטשטאַנען אַצינד אַזאַ צײַטעלע, מע קען אונדז איצטער אַלעמען אומברענגען" פל [דאָס געזאַנג ון

,

פעלקער, מאָסקווע 1939]. „מ'האָט געדענקט, אַז [די פראָטאָזאָען] זײַנען צופעליקע ברעקלעך לעבן װעלכע אַנטשטייען פון אומבאַלעבטן שטאָף", ש. בלום, דער בוים פון לעבן, נ"י

.19▯1

3. ווערן פֿאַרשטאַרט, פֿאַרגליווערט. דאָס בלוט אַנטשטייט. ״עס איז מיר אַנטשטאַנען דער מוטערס מילך״ [פֿון שרעק, פֿון אַן אומגעריכטער און שווערער איבערלעבונג]. אַ גליד (פֿון קערפּער) איז אַנטשטאַנען. „ניט נאָר מילך קען אַ', נאָר אויך בלוט, ווען מע לאָזט עס אַרויס פֿון דער אָדער״, מוו, ייִפֿאַ, .2 ,1939

4. (לאַקל, ווילנע) אָפּפֿאַלן. אַוועקקומען. סאַרגיין. „דער אַפּעטיט איז מיר אַנטשטאַנען״ [״עס מיינט פֿונקט דעם היפֿוך פֿון דעם וואָס דער ▯ײַטשמעריסט מיינט. ניט: דער אַפּעטיט איז מיר אויפֿגעקומען, נאָר פֿאַרקערט: דער אַפּעטיט איז מיר אָפּגעפֿאַלן״, מוו ייִפֿאַ, [.1939, 2

אַנטשטיינען — טרוו. ▯.י'שטיין, ~שטיינט. אַרכ. אַוועקנעמען, צונעמען פֿון אַ פּלאַץ שטיינער; אָפּרייניקן פֿון שטיינער. באר משה פֿאַרטײַטשט 'ויסקלהו, (ישעיה, ה, 2): „ער

האָט אַנטשטיינט,, [תּי: ,,אויסגעשטיינט,,].
,,... און, ער האָט אין אַנטשטיינט, דעם אָדם
פֿון יצר־הרע,,, סהמ ישעיה, ה, 2.
אַנטשטילט ווערן — נייטראַל. ווער אַ,,
בין אַ, געוואָרן פֿטמ: אַנשטילט ווערן.
.
מ▯טאַמאָל, פלוצלונג אויפֿהערן (איבעררײַסן
דאָס) רעדן, טומלען און ווערן שטיל.
אַנטשוויגן ווערן. "דער רבי מיכל האָט זיך זייער
געשפּאַרט מיט קרומע סבֿרות, האָט שוין דער
בע"ש אָנגעהויבן צו בעטן: זײַט מיר ניט
מבלבל דעם טיש. זײַנען זיי אַ, געוואָרן", שבחי
בעשט. ,,דערנאָך איז דער מוכסין אַנשטילט
געוואָרן, האָט דאָס ווײַב געמיינט אַז ער איז
אַנשלאָפֿן געוואָרן", דאָרטן, יא/א. ,,דער
געפילדער איז אָבער גיך אַ, געוואָרן" שע,
ערשטער ארויס▯אָר, וואַרשע 1903.
אַנטשטילט — אַדי אַ'ע טומלערס. בלײַבן
אַ'. אַנטשטי'ל — דער. נעאָל. ,,אַ
פֿאָרכטיקער אַ, באַהערשט דאָס הויז פֿון גאָט,,, י
מאַניק, אונדזער וועג, שיקאַגאָ, סעפּט, 0▯19.
אָנטשיבען — טרוו. ־בע אָן, ~געטשיבעט.
אָנרײַסן, אָנפֿליקן, אָנשטשיפּען. ,,אַרויס אין

דרויסן, אָנגעטשיבעט גראָז“, אַבֿרהם קאַהאַן, בּראַכשטיקער, כאַרקאָוו 1930.

אַנטשידן — ← אַנטשיידן. „און ווען שיכּור ווערן ייִדן, טאָ, זײַט מוחל, רוקט זיך אָפּ, ווײַל דאָס דריידל גייט אַ', מיטן ניגון, מיטן טראָפּ“, אַל I, 'שׂמחת בּית השואבֿה'.

אַנטשייד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אַנטשיידן ←. בּאַשלוס. פּסק־ החלטה. אָננעמען דעם אַ'. זיך קעגנשטעלן דעם אַ'. „אַזוי זײַנען זיי, די צײַטן פֿון אַ': מוזסט אויסקלײַבן דײַן פֿאָן, דײַן שלאַכטפֿעלד און דײַן שׂונא“, צײַט, מטטרון. „אַ ריכטער וואָס גיט אַרויס זײַן אַ'...„, בּצג, טמז 29 1956 ־I.

אַנטשיידיק — אַדי. וואָס אַנטשיידט, וואָס בּאַשליסט, וואָס איז מכריע. „ייִדן זײַנען אַ טייל פֿון אַמעריקע און פֿולבּאַרעכטיקטע שותּפֿים צו איר אַ'ן גורל„, בּ. רודמאַן פֿאַש, 1955.

,

אַנטשיידן — אַדי. 1. וואָס איז בּאַשלאָסן, וואָס איז שוין מיט אַ פּסק־דין; דעצידירט. „דער שפּראַכנקאַמף וועט שוין זײַן הינטער אונדזערע פּלייצעט אַ פֿאַרענדיקטער, אַן אַ'ענער“, ימ, אונדזער געדאַנק, ריגע 1933. 2. וואָס דאַרף

בּאַשליסן, בּאַשיידן. אַן אַ'ענע שלאַכט. דער
לעצטער, דער אַ'ענער קאַמף. דאָס האַרץ קלאַפּט
אַ'. "אָט אין דעם ליגט טאַקע די שוואַכקייט
פֿון דער פֿרוי, ווען עס קומט צו אַן אַ'ענעם
טריט", וו□־ס I □, 'ווי דער גורל פֿירט'. 3. וואָס
דריקט אויס זיכערקייט, דעצידירטקייט. „זײַן
גאַנצער אויסזען איז געווען אַ, און שטרענג",
אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928.
־קייט.

אַנטשיידן — טרוו. □י. „שייד; ~שיידט, ~שידן.
Mhd: e□n. 1□־s□hei(1en. בּאַשיידן.
דעצידירן. בּאַשטימען. מכריע זײַן. אַ, דעם
אויסגאַנג פֿון די וואַלן. אַ, ווי עס וועט ווײַטער גיין
ד אַנטוו□קלונג פֿדן.... „קען דער מענטש אַ,
י
זײַן אייגענעם וועג אין לעבן?". "דער

דאָזיאַנטשלאָסן

קער מאָמענט האָט געדאַרפֿט אַוודאי עפּעס וואָס
עס איז אַ'", ווײַם I, □איינער אַ מענטש'. „דער
קאַמף צווישן יידיש און העבּרעאיש [אין ארץ
ישׂראל] איז אַנטשידן געוואָרן... נישט אין אַ

קולטור־קאַמף, נאָר דורך היטלערן,,, דוד
פֿלינקער, טמז, 21 1964 XII. ,,האָט דערמיט פּאַקטיש
אַנטשידן דעם קריג קעגן דער אַראַבישער
איבערמאַכט לטובֿת מדינת ישׂראל,,. ש. ביקל,
טמז, 22 1967 IX. מיט ז י ך — ער קען זיך
ניט אַ'.
2. אַרויסטראָגן, אַרויסגעבן אַ פּסק,
אורטייל. אָפּפּסקענען. ,,דאָס בונדעס געריכט האָט
אַנטשידן צור גונסטן דער קאָמפּאַניע,,, י. שלאָם
בערג איבז, דאַניעל דילאָן, וואָס בעדײַטעט
דיעזער םטרײַק , נ,,י 1903. ,,וואָרעם עס איז
פֿאַראַן נאָך אַ שופֿט און אַ דיין וועלכער קריגט
אויף אים, און מע דאַרף אַ, צווישן זיי'', תּניא,
לה.
—דיק — אַן אַ'ער פּונקט. דער אַ'ער
אויסגאַנג פֿון די וואַלן. ,,דער אַ'ער פֿאַרמעסט
פֿון רוסישן פֿאָלק מיטן אַלטן, צעפֿוילטן
צאַריזם'', מוק, מײַנע באַגעגענישן. ,,דער גרויסער
אַ'ער ווערט פֿון גײַסטיקן המשך'', ש. ביקל,
שרייַבער פֿון מײַן דור, נ''י 1958. ,,דאָס האָט
דערפֿירט צום לעצטן, אַ'ן אונטערצי [אין] זײַן
באַוואוסטזײַן'', א י. זאַקוסקי, דוד
עדעלשטאַט..., ב''א 1955.
־ונג — ''מיר שטייען דאָך הײַנט, פּונקט

ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק... פֿאַר אַ
קריזיס, ד"ה פֿאַר אַן אַ, און אַן אויפֿלייזונג,,,
קאָר II.
־ער — ,,ניטאָ צווישן אונדז קיין אַ', וואָס
זאָל לייגן זײַן האַנט אויף אונדז בײדן,,, תּי,
איובֿ, ט, 33. ,,צי בין איך אַליין עס טאַקע
געווען דער פֿרײַער אַ, בײַם פֿאַרבײַטן מײַן
טאַטנס חבֿרה ש,,ס מיט דער דורך מיר פֿריי
אויסגעווײלטער פּאַרטיי ס.־ס.?", דר, י ראל
רובין פֿונדאַנען אַהין, ת"אָ 1952. ,,מיר אַלע
,
... זײַנען ניט די לעצטע פּוסקים און אַ'ס,,, הל.
אָנטשיל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אָן, ,
געטשיל(י)עט. פּפֿ: אָנצילייען. אָנקלײַבן.
אָנזאַמלען. אָנהויפֿן. אָ אַ סך געלט. אָ,
,

זאַפֿאַסן.
אָנטשי(ע)שען זיך — דזוו אָנטיעשען זיך
... ,,... איך טשישע מיך אָן מיט דעם אָדער
מיט יענעם פֿרעמו.ן ווי מיט אַ ברודער,,, נאַד,
מאָרגן און מאָנטיק.
אַנטשלאָגן — טרוו. ~שלאָג, ~שלאָגן. אַרכ

1. באַפֿרײַען. אַרויסלאָזן. „דש זעלביגי וויל ער בקענט מאַכן, ווען מן אים אַנטשלאגן וויל פֿון זײַן גפֿענקנס“, שאַר, קלו/ב. 2. אַראָפּרעכענען. אַראָפּנעמען. אַ, פֿון דער קאָנטע, פֿון די שׂכירות. מיט ז י ך — מותּר זײַן. „ביטה דער אונגידולט זיך צו ענטשלאגין אין קיגינווערדיגר הישׂטאָרי, אַלזוא וויר ווערדן פֿור גיטראגין איין וואונדרי טראַגעדי,„ ' אחשורושפּיל', אַמשט 1718 [פּש II].

אַנטשלאָסן — אַדי. דטשמ. 1. וואָס איז זיכער, וואָס איז מיט אַ פֿעסטן באַשלוס.

ענטאַנטשלאָפֿן

פֿערן אַ, — יאָ! (ניין!). „שטײַף און אַ, איז זי איצטער געשטאַנען אין מיטן צימער„, רעד, אַקש, 14 אָקטיאַבערס, מאָסקווע 1931. 2. וואָס איז גרייט, דעצידירט דורכצופֿירן עפּעס, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַר קיין שטערונגען. אַן אַ' ענער מענטש. מיט אַן אַ'ענעם ווילן. „אַן אַ'ענער, אומדערשראָקענער אָנזאָגער פֿון...„, א.

פֿרומקין איבז, ר. ראָקער, זעקס כאַראַקטערן ...„ נ„י 1929.

־קייט — מיט אַ, דורכלייגן (דורכברעכן)

פַאר זיך אַ וועג. „מוט און אַ', בראַווע
קאַמעראַדן, וועלן אײַך פירן צום זיג!“, דוד
עדעלשטאַט, לידער.
אַנטשלאָפן — אַדי, פאַר אַנטשלאָפן'. „דער

,
אַ'ענער וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט שטאַרק
דערשראָקן„, ממוס, קליאַטשע. „ווען דו קוקסט
אַראָפּ... אויף דער שטילער אַ'ענער שטאָט“,
דא פון בערלין ביז..., וואַרשע 1930. “האָט

,
דעם כוח אויפצוּוועקן אַפילו דאָס אַ'סטע
מענטשלעכע געוויסן“, ש. ביקל, טמז, 1965
21 II. ־קייט.
אַנטשלאָפן — אוטוו. אַרכ. ־[M d: e

sl e. דזוו אַנטשלאָפן ווערן. “... און, ווען
דו אין ווידר הער אויש ציהשׂט [דעם קאָפּ פון
אַ פלעדערמויז פון זײַן צוקאָפּנס] זאָ
אנצשלעפּט ער“, כ„י ,ספר הרפואות', 1474. „און,
ער אַנטשליף און, אים טרוימט צום אַנדרן
מול...„, טח, בראשית, מא, 5. „איך ליג און,
אַנטשלוף. איך אַנטוואַך ווען גאָט אונטר ליינט
מיך„, [סידור] תּפלה למשה..., דעסוי 1696,
שכו/א. „און ער זאָל לייאנן (קריאת שמע)
אַזו לאַנג ביז ער אַנטשלאָפט“, לט1 כז/א.

‘‘אַנטשלאָפֿט אַ לעצטע תּפֿילה שטיל און דין‘‘,
שמעון וואוזעק, 'אין מושבֿ זקנים'.
אַנטשלאָפֿן ווערן — נייטראַל. ווער אַ', בין
אַ, ג □ אַגשלאָפֿז...,
שלאָפֿנט ווערן)
אַנ(ט .
וואָרן (פֿטמ אויך:

1. בהדרגהדיק איבערגיין פֿון צושטאַנד פֿון
וואַך זײַן אין צושטאַנד פֿון שלאָף. אײַנשלאָפֿן.
אַ, וו, פֿון מידקייט. זיצן איבער אַ ספֿר און
אַ, וו'. אַ, וו, אין טעאַטער. אַ, וו, בײַם
רעדל פֿון אויטאָ. ,,די אויגן קלעפּן זיך אים
(מאַכן זיך צו), ער וועט באַלד אַ, וו‘‘. ,,דאָס
קינד האָט געוויינט, געשריִען ביז עס איז אַ,
געוואָרן‘‘. ,,דער זייגער שלאָגט שוין פֿיר, שוין
צײַט אַ, צו וו‘‘ פֿל. ,,אַזו וואַר איין לערנר
,
אין זײַנם לערנן קאַמיר אונ, וואַר איבר זײַן
לערנן אַנטשלופֿן...,,, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע
פֿון ר, מאיר ש‘‘ץ, פֿירט 1694 [פֿש III]. ,,ער
,
וואַר אַנטשלופֿין גיווארין, ער זאַך בחלום איינר
דער קלויבט אויף דערניר אויף זײַן אַקסיל‘‘,

נצ1, מו/א. „צוקאָפּנס לייגט ער זיך אַ זאַק און ווערט אַ, גאַנץ געשמאַק“, עט, לידער. „מיד און צעבראָכן פֿון אַ גאַנצן טאָג, טו איך אַ פֿאַל אויפֿן בעטל און ווער אַ אַזוי ווי איך שטיי

,

און גיי“, ממום, 'בישיבֿה של מטה'.

„... האָט אָנגעהויבן צו וויינען פֿאַר השי„ת און איז אַנשלאָפֿן געוואָרן, איז אליהו הנבֿיא זכור לטובֿ צו אים בחלום געקומען“, ספֿר

1577

שבֿחי בעל שם טובֿ, זשאָלקעוו 1850, ז/א.

„דער שלאָף פֿלעגט זײַן ליַכט, ווי אַ דרימל, מע כאַפּט זיך אויף אויף אַ פּאָר מינוט און מע ווערט צוריק אַנשלאָפֿן“, יק. „בכדי די קליינע קינדערלעך זאָלן ניט אַנטשלאָפֿנט וו, און זאָלן קענען פֿרעגן מה נשתּנה„, תּפֿארת מהרא“ל, פּיעטריקאָוו תּרע„ד. „האָט צוריק אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן אויף אַנשלאָפֿן צו וו'„, יר I.

2. ווערן פֿאַרשטײַפֿט, אָפּגעלעגן. „אַ פֿוס איז אים אַ, געוואָרן און ער דאַרף מאַכן עטלעכע איבונגען אין דער לופֿט„, ייִז, „קלעפּיק'.

3. קומען אין אַ צושטאַנד פֿון רו. אַזוי ווי עס וואָלט אײַנגעשלאָפֿן. ווערן אומאַקטיוו. דער פֿאַראיין איז אַ, געוואָרן. "קומט דער אָוונט, ווערט דאָס שטעטל אַ',,. ,,גאָלדיק־בלוי און שטיל ווערט דער ים אַ'", מל, ,שווימט אַ זעגלשיף,. "טאָג איז מיר אַ, געוואָרן מיט אָפֿענע אויגן,,, סעג, קאַפּרין.

4. שטאַרבן. אַ, וו, מיטן לעצטן שלאָף. ,,דער מענטש טוט שלאָפֿן ביז ער ווערט אַ',,, שוו. ,,זיך אומגעקערט מיט דעם פּנים צו דער וואַנט. אַ כראָפּע געטאָן און אַ, געוואָרן אויף אייביק,,, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע.

אַנטשלומען — אוטוו. אַרכ. Mhd: en1

 s][ן1mme. דזוו אַנטשלומט ווערן. לקח טובֿ פֿאַרטײַטשט 'נרדמתּי, (דניאל, ח, 18): ,,איך אַנטשלום,,. ,,אין דעם זעצט זיך דער מאַן אונטער איין בוים און, אַנטשלומט דרונטער,,, נצ1, ויקרא, י/ג. אַנטשלומט — אַדי. ,,(והמקיץ רדומים) און, דער דא מאַכט אַנטוואַכן דיא אַנטשלומטן,,, ברכת המזון, אַמשט 1723, סא/ב.

אַנטשלומט ווערן — נייטראַל. ווער אַ', בין אַ, געוואָרן. אַרכ. אײַנשלאָפֿן מיט אַ גרינגן שלאָף. אײַנדרימלען. ,,(נמו שנתם) זיא

זײַנן אַנטשלומט גיוואָרן מיט אירן שלאָף,,,
סהמ, תּהלים, עו, 6. ,,אַזו וואַר ר, יצחק
אַנטשלומט גווארין אונ, ער זעכט זײַן פֿאטר...",
נצ1, דבֿרים, נד/ג. ,,ער איז וואר אַנטשלומט
אונ, פֿון זײַנר זײַטן איין העלפֿונג צו אים....,,
מחזור ר,,ה ויו"כ, הומבורג 1721, קצ/ב.
אויך: אַנטשלומערט ווערן — ,,פֿון
דײַן אָנגעשריי, גאָט פֿון יעקבֿ, איז אַ, געוואָרן
אי רײַטער, אי פֿערד,,, תּי, תּהלים, עו, 7.
אַנטשלוס — דער, ־ן. דטשמ. נר. באַשלוס.
אַנטשיידונג. פּסק. ,,קיינע מאַבט אין דער
וועלט וועט מיך פֿון דעם ענטשלוס אָפּבּרענגען,,,
מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער,
דראָהאָביטש 1897.
אַנטשלופּן — טרוו. ~שלופּ, ~שלופּט. אַרכ.
Mhd: en‑sl n. אַוועקלאָזן, פֿרײַלאָזן.
אַרויסציִען, מאַכן אַרויסגליטשן. מ
פֿאַרטײַטשט 'והשבֿיעית תּשמטנה, (שמות, כג, 11):
"דו זאָלשׂט אַנטשלופּן זי,,, [תּי: ,,עס
פֿאַרלאָזן"]. טח פֿאַרטײַטשט 'תּשמט ידך, (דבֿרים,
טו, 3): ,,דוא זולשׂט לושׂן אַנטשלופּן דײַן
האַנט" [תּי: ,,אָפּלאָזן דײַן האַנט"]. ,,אײַל דיך
צו אַ, אויש דעם ערבֿות", סהמ, משלי, ו, 5.

אָנטשמעליען

מיט ז י ך — שטילערהייט, אומבאַמערקט
אַרויסגליטשן זיך, אַוועקגיין ,,די עלצטן האָבן
זיך אַנטשלופּט פֿון אים איינצליך", טח, שמות,
ה, 1 ורשי ,,אבל הזקנים נשמטו אחד אחד".
בּרופֿט אָן דאָס שמטה־יאָר — אַנטש ופּט
יאָר. ־ונג — מ רופֿט אָן שמטה —
אַנטשלופּונג. אַזוי אויך אין טח, דבֿרים, טו, 1־2.
אַנטשלייערן — טרוו. ־ער, ~שלייערט.
1. אַוועקנעמען, אַראָפּנעמען, אויפֿהייבן שלייער
פֿון עמעצן (עפּעס). ,,ער ווייסט... ווי אַזוי צו
אַ אַ זאַך פֿון איר וואָכעדיקייט", י. העשעלעס,
,
צוק, יולי־אויגוסט 1964. 2. אויפֿדעקן.
אַנטפּלעקן. אַרויסברענגען. דעשיפֿרירן. אַ, אַ
מיסטעריע.
אַנטשלייערט — אַדי. ,,די אַ'ע
קולטורטראַגעדיע,,, דרום־אַפֿריקע, 1956.
אַנטשליסן זיך — אוטוו. ~שליס זיך, זיך
~שלאָסן. באַשליסן זיך, דעצידירן זיך אויף
עפּעס. אָננעמען (פּעסטן) באַשלוס דורכצופֿירן

עפּעס פֿעסט אָפּמאַכן בײַ זיך ‌אַ‌ זיך א ו י ף
.
עפֿעס. נ י ט קענען אַ, זיך. „די ערשטע און
נייטיקסטע זאַך... דאָס אַ, זיך דערצו,„
ממוס, אַ סגולה...'. „אויף דעם ביזאַהעריקן
,

וועג... קאָן מען ניט מער גיין. מיר מוזן
זיך אַ'", קאָר II. „,אַ, זיך,. הגם דער ווערבֿ קען
זיך לעגיטימירן מיט אַ הסכּמה פֿון ליפֿשיצן
אַליין פֿאַר מיר האָט [דער ווערבֿ] בפֿירוש
...
אַ דײַטשמערישן בײַטעם... אַ סך בעסער איז:
באַשליסן זיך", מוו‌ ייִפֿאַ, 1939, 14. "
כמעלניצקי האָט אויך איצט ניט געקאָנט אַ, זיך
צו נעמען די שטאָט דורך אַ שטורעם־אָנגריף",
ימ, שד II ‌. „דער רבונו־של־עולם גופֿא איז
מעיין אין דער תּורה איידער ער אַנטשליסט
זיך עפּעס צו טאָן„, גרינ, מענטשן און ווערטן.
־ונג.
אַנטשלעפֿן — [לאַנגע ע] טרוו. ~שלעף,
‌ י.„שלעפֿט. ‌ Mhd: ent־s][a‌ e. אַרכ. דזוו
אײַנשלעפֿן, אײַנשלעפֿערן. מאַכן מע זאָל

אײַנשלאָפֿן. „וויא די דלילה, דיז שמשון הגיבור קיבֿס ווײַבֿ, אין אַנטשליפֿט אויף אירס שוס און, וויא זיא אים זײַני האַר לוקן אבֿ שנײַדט,„ יוסיפֿון, אַמשט 1661, כב.

אַנטשלעפֿערן — טרוו ־ער, ~שלעפֿערט.

.

דזוו אײַנשלעפֿערן. מאַכן מע זאָל אײַנשלאָפֿן. „מיר, די פֿאַנעס פֿון די טײַכן, טאַנצן פֿאַר דיר, מלך, מיר האָבֿן שוין פֿאַרוויגט, אַנטשלעפֿערט, די אַלטע וואַסער־מאַמעס,„ מאַנ, נאַענטע געשטאַלטן.

אַנטשמאַכטן — טרוו. ־י.„שמאַכט, ~שמאַכט. מאַכן מע זאָל ניט זײַן פֿאַרשמאַכט. לינדערן (לעשן) עמעצנס דאָרשט. „‏.. העלפֿן אַ, אַ דורשטיקע געגנט„, יג, טמז, 1964 ‏ו 15.

אָנטשמעליען — טרוו. ־ליע אָן, ‏.־, געטשמעליעט. 1. אָנבֿוכצען. אָנכמאַליען. אָנשלאָגן. דערלאַנגען קלעפּ, טשמעליעס. אָ, די ביינער, די זײַטן. 2. מיט אַ הילך זעצן, קלאַפּן, טראַסקען אין עפּעס און דערבײַ מאַכן אַ טומל. אָ, אין די טאַצן (אין באַראַבאַן) און פֿאַרגלושען אַלעמען די אויערן, דעם קאָפּ.

אַנטשעדיקן — טרוו. ~שעדיק, ~שעדיקט.
דטשמ, אָפּט געניצט פֿאַרגיטיקן פֿאַר אַ

.
שאָדן. באַצאָלן שאָדנגעלט. אָפּצאָלן פֿאַר טאָן
(ברענגען) עמעצן שאָדן. ,,'אַ"... פֿאַרגיטיקן
קומט אויס בײַ מיר אַ סך בעסער,,, מוו, ייִפֿאַ,
1939, 14. ־ונג — "... האָט זיך גענומען...
לאָדענען מיט ראַפֿאַלאָוויטשן, וועגן אַ סומע
אַ, וואָס אים קומט", שמעון האָראָנטשיק, 'גאָטס
משפּט'. אַ'ס־ג ע ל ט — פּערזענלעכע אַ'ס־
געלטער פֿון דײַטשלאַנד פֿאַר די קרבנות פֿון
נאַצירעזשים. אַנטשעדיקבאַר — אַדי. דטשמ.
נר.
אָנטשעטשען זיך — דזוו אָנטיעשען זיך.
אַ'נטשעלע — די, ־ך. פּר. באָנדע מיט בלויע
(שוואַרצע) יאַג(ע)דעס.
אָנטשעס יק — אַדי. פּפֿ. ־עוודיק. 1. וואָס
.
מע קען (לאָזט זיך) אָנטשעפּען, אָנפֿעסטיקן,
אָנהענגען. וואָס טשעפּעט זיך אָן. אָ'ע
מעדאַליאָנען. אָ'ע בראָשן. אָ'ע בילדער. 2. וואָס
מע קען אײַנשטשעפּיען, דורכפֿירן אַ הרכבֿה. אָ'ע

ג ע וו י ק ס ן. אָ'ע פֿ ר ו כ ט ן. „פֿונקט אַזוי מאַכט דורך די זעלבע אַרכעט מיט די פֿליגלפֿרוכטן און אָ'עוודיקע פֿרוכטן“, אַכ I.

אָנטשעפּען — טרוו ־פּע אָן, ~געטשעפּעט.

.

1. אָנהענגען. אָנפֿעסטיקן. אָנשפּיליען עפּעס צו (אויף, אָן) עפּעס. אָ, אַ בלימעלע צום לאַץ. אָ, אַ מעדאַל. טשעפּע אָן פֿאַר די האַטשקעלעך. אָ, שטיקער וועש אויפֿן שטריק. אָ, פֿאָרהענגלעך אויף די פֿענצטער. אָ, סטענגעס מיט באַנטיקלעך [= שלייפֿעלעך] אויף אַ קלייד. “... האָט ער אָנגעצעפּעט הינטן [אונטערן בעזמען] אַ פֿונטיקע געוויכט“, אמד, דער סיום התורה, ווילנע 1868. “ער האָט באַלד גענומען אַ גאָלדענעם רינג און האָט דאָס אָנגעצעפּעט אָן דעם שטריק“, מחה ברייטמאַן, דיא געשיכטע פֿון אַ לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. „אויף דעם גאַרטעלע [פֿון פֿוטערל] פֿלעגט די מאַמע אָ, פֿאַרן אויערל אַ שיינעם רויטן קריגעלע... מיט עסן־זאַכן אויף אַ גאַנצן טאָג“, יסtראל רוחמובסקי, זכרונות..., פֿאַריז 1930. „רײַכע... ווייסן דאָך סײַוויסײַ ניט וואָס פֿאַר

אַ משוגעת אָנצוטשעפּען אויף זיך“, די
sכירות, זשענעוו l900.

2. צוטשעפּען. צוקייטלען אָנקייטלען. אָ,
דעם פּראַכט־וואַגאָן צום פּאַסאַזשיר־באַן. אָ, די
רינגעלעך (אין) צום קייט. „ער האָט פּריִער...
אָנגעטשעפּעט זײַן האַנט אָן אירער„, ווײַס I,
'דאָס לעבן'. פּיג. „געזאָגט אַ מפּולפּלדיק פּשטל
... דאָ און דאָרט אָנגעטשעפּעט אַ פּני־יהושע“,
אַש, אַ שטעטל.

3. אָנקלעפּן, צוטשעפּען צו אַ מענטשן עפּעס
לגנאַי, (אַזוינס וואָס דיסקרעדיטירט). אָ, עמעצן
אַ 'פּעקל', יענער זאָל האָבן צו זינגען און צו
זאָגן.

4. אויפֿצווינגען, אַרויפֿצווינגען. אָנוואַרפֿן
עמעצן עפּעס (קעגן ווילן, וואָס איז ניט צום
האַרצן). „מע האָט אים אָנגעטשעפּעט אַן
אַרבעט וואָס גייט אים אַרויס באָקעם“. אָ, אַ כלה,
אַ חתן.

1578

5 פּאַרטשעפּען, זיך אָנהייבן מיט עמעצן.

„איך וואָלט אים שוין לאַנג די ביינער צעבראָכן,

נאָר איך האָב מורא מיט אַזוי [אַ] יראת־
שמיםפּנימל צו אָ',,, גענאַרטע וועלט, 1815?
אָנטשעפּען זיך — ← דפֿוו. 1. צום בּ1:
,,דער ים האָט געטריבּן דעם קלאָץ עטלעכע
טויזנט מײַל בּיז עס האָט זיך אָנגעטשעפּעט
בּײַ אַ בּאָרטן פֿון אַן אינדזל“, י. מאָרגענשטערן,
׳

מע t ה מתוקה כּדבֿש, ווילנע 1898. ,,די זוימען
פֿון אייניקע ווילדגראָז... לאָזן אַרויס
פֿלאַטערלעך... העקעלעך, אַנקערלעך... און מיט
דעם טשעפֿען זיי זיך אָן אָן חיות, מענטשן,
פֿייגל“, מ. אַלבּערטאָן, ניט אויסגעטראכט,
מאָסקווע 1941.
2. אָנכאַפּן זיך, אָנהאַלטן זיך אָן עפּעס.
אײַנקלאַמערן זיך אין עפּעס (עמעצן). אָ, זיך אָן
אַ שטריק. אָ, זיך אָן דער מאַמעס פֿאַרטעך און
זי ניט אָפּלאָזן. ,,אָ, זיך אָן אַ וואָרט, וואָס
בּײַם אָנגעקלאָגטן האָט זיך אַרויסגעכאַפּט,,..
אָ, זיך אין אַ בּלבּול. “ער בּלײַבּט ווײַטער
שטיל. נישטאָ זיך אָן וואָס אָנצוטשעפֿען“, פּרץ,
'דאָס וואַסערל,.
3. אָנזעצן זיך. צושטיין (מיט טענות,
פֿאָדערונגען); ווערן צודרינגלעך. אָ, זיך ווי אַ
דיבּוק. “האָט זיך אָנגעטשעפֿעט א י ן (אָן) מיר

און דערגייט מיר די יאָרן“. “וואָס האָט ער
זיך אָנגעטשעפּעט? ווער האָט אים געטאָן עפּעס
שלעכטס?,,. ,,עפּעס אַ נודניק האָט זיך
אָנגעטשעפּעט אָ ן (אין) מיר און גייט מיר נאָך
ווי אַ ניט־גוטער“. ,,וואָס האָסטו זיך
אָנגעטשעפּעט אין מיר ווי אַ זלידניע?“, ממוס מסעות.
,,ניין, ניין, טשעפּע דיך ניט אומזיסט אָן, רעד
דיר גאָר נישט אומזיסט אַזוינס אײַן“, עט,
לידער. “... הײַנט האָט זיך אין אים אַ קליפּה
אָנגעטשעפּעט, אַ רוח אָדער אַ דיבּוק האָט
זיך אין אים אָנגעקלעפּט“, מע ◌ Iה רפֿאל תּם,
וואַרשע 1879. ,,ווײַבער גזלנותטעס, וואָס האָט
איר זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט?“, ווײַס I, 'די
באָבעשיס אָפֿהיטן'. ,,זאָג מיר נאָר, דו
שוואַרצער שלעפּער, לאַנגער עק, וואָס זיך
אָנגעטשעפּעט דו אין מיר? אַוועק! אַלערליי פּאַראַן,
אַפּנים, שלעק!“, אשט, 'די נאָדל און דער
באַנוול, פּפּ: אָ, זיך וו אַ קלי(ע)שטש, ווי
(אַ) סמאָלע. אָ, זיך ווי אַ פּיאַווקע.

־עכ ◌ ן. ־עניש — אויך: אָנשיקעניש. צרה.
אומגליק. צוטשעפּעניש. פּלאָג. ,,די קעגנער פֿון
זשאַרגאָן טענהן אַז דער זשאַרגאָן איז עפּעס
אַ בייז אָנצעפּעניס אויף אונדז,,, בעמ I. ,,־—אָט

האָסטו דיר אַ נײַע אָ'! האָב איך געזאָגט צו זיך נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלעזן דאָס דאָזיקע בריוול„, נאַד, זעקס ביכער.

אָנטשערפּען — טרוו ־פּע אָן, □, געטשער.

פּעט. פּר. □a□ד][□e□ □na:□ > □. אָנשעפּן. אָננעמען פּליסיקייט מיט אַ כלי. „אין די ברייטע טײַכן ווידמענען זיך פּיש, וואָס מע קאָן ממש אָ, מיט די הוילע הענט, אָן אַ נעץ“, ב. רעסלער, טמז, 9 7□19 XII.

אַנטשעדקע — די, ־עס. סל. פּאָד. אוקר.

a□]□[i□י□ra] :□ □ > □. פּפּ: האַנטשערקע.

1. שמאַטע, אויסגעשמירט טיכל אָנצונעמען

אַנטשפּויזן

(אַרויסצונעמען פּון אויוון) הייסע טעפּ. „אַ גרויסער חילוק צו האָבן אַ ווײַב אַן אַ, און אַ פּאַרחוּשכטע“, י. בערדיטשעווסקי, יידישע כת□ים.

2. דזוו סטירקע, שטשירקע. טיכל צו רייניקן טעפּ פּעטע און שמוציקע זאַכן□

אָנטשעשען זיך — דזוו אָנטיעשען זיך ←.

“וואָס קומט עץ נישט אַמאָל אַריבער אין אַ
פּרײַטיק־צונאַכטס, טאַטע־מאַמע זאָל זעך אַ ביסל
אָ, מיטן אייניקל?“, מ. ראַוויטש, איק, ר,,ה
תּש"א.
אַנטשפּאַנען — טרוו. ~שפּאַן, ~שפּאַנט.
Mhd: en-s][nne. באַפרײַען פון
געשפּאַנטקייט, אָנגעצויגנקייט. אַוועקנעמען סיבה
פון אַן אָנגעשטרענגטער (אָנגעצויגענער,
נערוועזער) סיטואַציע. ,,איך שעץ זייער אָפּ די
אָנשטרענגונגען פון די ישׂראלים צו אַ, די לאַגע,,,
שטריגלער, איק, 24 XI 1967. אַנטשפּאַנט
— אַדי. ,,דעם ברודער געפינט דער דאָקטער
אַ מידן, אַן אַ'ן“, אַש, בײַם אָפּגרונט ־ונג —
.
אַ פּאָליטישע אַ'. “ווי נאָר עס שײַנט אויף אַ
שטראַל פון אַ,, אַ שטיקל האָ ענונג...“,
דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 6 X 1961.
אַנטשפּויזן, ~שפּוזן — טרוו. י.,שפּויז,
~שפּויזט. אַרכ s(e)ק]s :) + en < . טוו
פאַר אָרש'. באר משה, באר התורה פּאַרטײַטשן
'ארשׂ, (דבֿרים, כ, 7): ,,ער האָט אַנטשפּויזט,,
[תּי. פּאַרקנסט“]. 1 פּאַרקנסן. שליסן (

שרײַ. „ .

בן) תּנאָים. „און, איך וועל אײַך אַנט שפּוזן אויף איביגהייט און, איך וויל אײַך אַנט שפּוזן אין גרעכטיקייט„„ 'מינכענער כּתבֿ־יד, (14־15טן י'ה), הושע, ב, 21. [תּי: „און איך וועל דיך פֿאַרקנסן צו מיר אויף אייביק און דיך פֿאַרקנסן צו מיר...„.] “און, איך וויל דיך אַנטשפּוזן צו מיר צו איוויגהייט, און, איך וויל דיך מיט גירעכטיגהייט און, מיט גיריכט און, מיט גינאָד און, מיט בּארמהארציגהייט צו מיר אַנטשפּוזן“, וויצנהויזן. „כּבֿיכול הקבּ“ה האָט ישׂראל אַנטשבּוזט מיט דער הייליגה תּורה אַלז איין חתן דער כלה אַנטשבּוזן טוט„„ אַריה ליבֿ זעליגמן, תּקוני המועדים פֿיורדא 1725. „איך וויל זי

,

אַנטשפּויזין, אָבֿער איך וועל נאָך מיט איר קיין חופּה וקדושין ניט האָבֿן“, ספּורי הפּלאות, ווילנע 1836. „זי איז געווען מײַן ווײַבֿ. אַנשפּויזט איז זי אָבֿער געווען צו אים, צום תּלוי„„ י. טיגער, דער צדיק און דער בּעל־תּשו□ה.

2. מקדש זײַן. “מיט הונדרט פּלישתּים □רלות האבֿ איך זיא אַנטשפּושט“, שמואל־בּוך, סטראָפּע 929. „ולא דקדק אם אָמר אני רוצה לקדשה או אם אָמר אני מקדש, בּל„א אם אָמר: איך

וויל זי אַנטשפּוזן און, איך אַנשפּוז זיא“, 'שו“ת
מהריל', קרעמאָנע 1556 [הש I]. 'וארשׂתּיך לי
לעולם, (הושע, ב, 21) ווערט אין המגיד,
זולצבאַך, תּק“ל (1770) פֿאַרטײַטשט: „און, איך
גאָט וויל דיך ישׂראל מקדש זײַן אויף איבג“.
“וארשׂתּיך, דשׂ איז טײַטש הש„י זאָגט צו
ישׂראל: איך וויל אײַך אַנטשפּוזן, דשׂ איז אַלץ
איין חתן דער די כּלה מקדש איז“, עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק לה.
„אַ, — וואשׂ זיא איז נאָך צוא קיינעם ניט מקודש
גיווען„, חעט, ווילנע תּרי„ט. „באַשירעם,

האַראַנטשפּענסטערן

גאָט, חתן־כּלה פֿאַרוואָר, משיח מעכט קומען
אין זייערע יאָר און מעכט די שכינה הקדושה
אַ, גלײַך יעצונד די דאָ פֿרומע פּאָר„, '
חתונהליד', באַש, דער I טן אין גאָרײַ. „טראָג איך
דיך, ליבסטע, אין היכל אַרײַן, דאָרט וועל איך
טאָן דיך אַ'„, סוצ, ייִדישע גאַם. „כ'האָב דיך
אַנטשפּויזט. מײַן ליבע, מיט ווײי און מיט
נויט„, יעקבֿ צבֿי שאַרגעל, זוניקע שנועלן, ת„אָ
1968, ז, 51.
מיט ז י ך — אָפּדעקן זיך. „ירושלים טוט

זיך אויס פֿון אירע שלייערן ווי אַ כלה וואָס
אַנטשפּויזט זיך פֿאַרן חתן,,, ייִט, משיח־
געוויטער, ז, 14.

אַנטשפּויזט — אַדי. ב, י/א,

פֿאַרטײַטשט 'ארוסה, — ,,אנטשפּוזטה,,. מלל]
אַרטײַטשט 'הנערה המאורשׂה, (דבָרים, כב, 25):
,,אנטשפּויזט" [תּי. פֿאַרקנסטע,,]. ,,וו ן איין מן
— ,, .
איבּר רעט איין פּילציל די ניט איז אַנשפּוזט
און, ער ליגט מיט איר..."‚ טח, שמות, כב,
15. "... שולד אופּפֿר דער אנדשפּוזטן מײַד",
מחזור ר"ה ויו,,כ, הומבּורג 1721.

אַנטשפּויזט ווערן — ,,מיט איינר יונגי
כלה די ווער ערשט אנטשפּוזט גיוואָרדן", לט1,
צג/ב.

־ער — דער, Sto, י/א, פֿאַרטײַטשט 'אָרוס,
— ,,אַנטשפּוֹזער". משי II — "אַנטשפּויזער".

אַנטשפּענסטערן — טרוו. ־ער, י,,
שפּענסטערט. נעאָל, נאַד. באַפֿרײַען פֿון אַ (גע)־
שפּענסט. מאַכן אויס געשפֿענסט. אַ, דעם
'שפּענסט,.

אַנטשפּראָצן — אוטוו. ,שפּראָץ, ~שפּראָצט.
אַרכ. אַרויסוואַקסן. אַנטשטיין ווי אַ רעזולטאַט

פֿון... □ ,,נאָך איר טוט גרושׂי גיצענק אונ,
שווערי שטרײַט אַנטשפּראָצט צווישן דשׂ הויז
גזינד אירשׂ קינגרײַך,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743,
פּ,.

אַנטשפּרונגען ווערן — נייטראַל. ווער
□י,,שפּרונגען, בּין ~שפּרונגען געוואָרן. אַרכ.
אויפֿשפּרינגען. אַוועקשפּרינגען. אַנטלויפֿן אין
געאײַל. ,,אַלשׂ דען העט זיא נאָך הילף גישריאן
ווארויף ער גלײַך ווער אַנטשפּרונגן נאַקינדר
הייט אונ, היר אים שטיך גילאזן זײַן קלייט“,
'מכירת יוסף, פּפֿדמ 1713 [אַווע III]. ,,אונ,
,
ער בּיגערט שאול צו שלאָגן מיט דעם שפּיס
אַן דוד אונ, אַן דער וואַנט מיט איין מאָל, אונ,
ער איז ווארדן דוד פֿאַר שאול אַנטשפּרונגין“,
סהמ, שמואל א, יח□ ll.

אַנטשפּרינגען — אוטוו. ~שפּרינג, בּין (האָבּ)
□י'שפּרונגען. דטשמ. נר. 1. אויפֿקומען.
אַרויסקומען. אַרויסוואַקסן. ,,ווען די
מענטשהייט איז געווען נאָך אין איר קינדהייט...
דאַמאָלט זײַנען אַנטשפּרונגען □אויפֿגעקומען)
די ערשטע טיפּן פֿון רעגירער און רעגירונגען,,,
דוד עדעלשטאַט געדענק־בּוך, נ“י 1953, ז, 7□2.

,,אויף אַ פֿרישן קבֿר־בערגל וויגט זיך צנועהדיק
און פֿרום, נאָר־וואָס פֿון איר קנאָספּ
אַנטשפּרונגען אַ נאַאיווע צאַרטע בלום“, הר, לידער.
2. אַרכ. פֿאַרשווינדן. ,,איינר דער דא פֿלוכט
פֿאטר אודר מוטר (יִדעך) אַנטשפּרינגט זײַן
ליכט,,, סהמ, משלי, כ, 20.

157

אַנטשפּרעכיק — אַדי. [אופֿן צו פֿאַרייִדישן
דטשמ אַנטשפּרעכנד'.] וואָס איז בהסכּם מיט.

,

געהעריק. שייכדיק. צוגעפּאַסט. פּאַסיק. אַ, צו
דער געענדערטער פּאָליטיק. [",אַנטשפּרעכנד,
האָט מען שוין געפּרוּווט פֿאַרריכטן אויף
אַנט,
שפּרעכנדיק', אַנדערע האָבן שוין אַפֿילו אַ
פֿאָרעם אַנטשפּרעכיק',,, מוו, ייִפֿאַ, 1938, 14.]

,
־יקייט — ,,אַזאַ מין אַ, [צווישן אָנבאָט און
נאָכפֿרע] איז נאָר אויף איין מאָמענט,,, מ.
לעוויטאן און ה. קאָזאַקעוויטש, איבז, פּאָליטישע
עקאָנאָמיע, כאַרקאָוו 1930.

אַנטשפּרעכן — אוטוו. ~שפּרעך, ..,,שפּרעכט.
דטשמ. נר. זײַן אין הסכּם מיט. האַרמאָנירן.
שטימען מיט עפּעס. זײַן אין איינקלאַנג. פּאַסן
(זיך). ענטפֿערן. ,,אַ סיסטעם... וועלכע
אַנטשפּרעכט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און
פּאָליטישאידעאָלאָגישע פֿאַרהעלטענישן פֿון געוויסע
געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן“, א. וועוויאָרקע, דער
סטיל פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור,
אַדעס 1932. [“ אַ". אַ וואָרט, וואָס '
אינטעלי,

גענטן, קענען זיך אָן דעם ניט בּאַגיין“, מוו,
ייִפֿאַ, 1939, l4.]
אַנטשפּרעכנד — ← אַנטשפּרעכיק. ,,בּ אַן
י
אַ'דער קרייצונג פֿון די ראַסן און מינים...,,,
'טאָז, שריפֿטן, וואַרשע 1929. ־דיק ־
די .
קייט.
אָנטשקיען — טרוו. טשקויע אָן, ~
געטשקויעט. (קלאַנגען בּײַם רו[ן אַ חזיר)!oy י:
.>
(אומאיידל) אַ סך און האַסטיק אָנריידן.

אָנפֿלאַפּלען. אָ אַ פֿולן קאָפּ.

,

אַנטשקלאַפֿן — טרוו. ‎..,,שקלאַף, ~שקלאַפֿט.
באַפֿרײַען פֿון שקלאַפֿערײַ. געבן פֿרײַהייט
(לאָזן פֿרײַ) עמעצן וואָס איז פֿאַרשקלאַפֿט,
פֿאַריאָכט. מיט ז י ך.

אַנטשׂטנען — [... סאָטענען] טרוו. ~שׂטן,
~שׂטנט. נעאָל. באַפֿרײַען (זיך) פֿון שׂטן.
אַרויסנעמען (זיך) פֿון שׂטנס קלעם. ,,האַר,
באַשעפֿער פֿון דער וועלט, אַנטשׂטן מיך“.

אַני, — פּראָ דער. ← אָנוכי 1. אי'ך,
עמפֿאַטיש. 2. עגאָ. ,,מענטשן מיט אַ פּשוטן
גראָבן אַ', ניט קיין אויסגעאַרבעטער 'איך'“,
לדב, נ"י תּשי"ז, קצט. “דער אַ, זײַנער איז
אַ קאַפּיטשקע אָנגעשוואָלן“. ,,דער אַ,
פֿאַרשטעלט דעם אַתּה“. “שיק ניט קיין אַ'־מענטשן
אין אַ גורלדיקער שליחות,,, הלל ז.דמאַן, טמז,
I 1969 13. ,,אַז מע האָט ניט קיין אַ, איז אויך
ניטאָ קיין אַתּה“ [= אַז מע האַלט ניט ון זיך
קאָן מען ניט האַלטן פֿון יענעם]. 3. ערשטער
טייל פֿון אַ צאָל אויסדרוקן, ווי אַ, הקטן, אַ,
מאמין, אַ, שלמה אאַ.

אַ, אומר לך ד רים של טעס —

[... אוימער לעכאָ דוואָרים שעל טאַאַם] זאַץ.
תּח < עבֿודה זרה, יח/א. 'איך רעד צו דיר
שׂכלדיקע רייד, [דאָס האָט געזאָגט ר, יוסי בּן
קיסמא צו ר, חנינא בּן תרדיון ער זאָל זיך
ניט אָנטקעגנשטעלן מלכות־רוים בּפֿרהסיא; די
צווייטע העלפֿט: ,,ואַתּה אומר לי מן השמים
ירחמן,, — און דו זאָגסט צו מיר. פֿון הימל

□

אַני,

וועט מען זיך דערבאַרעמען]. געניצט מיטן בּ:
איך גיב דיר אַ פּראַקטישע עצה און דו
פֿאַרלאָזט זיך אויף נסים.
אַ, בּצדק (אהזה פּניך) — [...בּייצעדעק
(ע'כעזע פּאָנעכאָ)] פּראַזע. < תּהלי□ יז, 15.
□איך (אָבער וועל זען דײַן פּנים) אין
גערעכטיקייט'. איר. נוטריקון פֿון בּצדק: (איך נאָר
ייִד) בּיז צו דער קעשענע. אַ רמז אויף אַ קמצן
וואָס גיט ניט קיין צדקה. ,,די וותיקין פֿלעגן
זיך נוהג זײַן צו זאָגן פֿאַרן דאַווענען דעם פּסוק
א, בּ, א, פּ, און בּשעת מעשׂה אַרײַנוואַרפֿן
קליינגעלט אין די צדקה־פּושקעס“, [ריבֿ, ייִשפּ

אַ, הגכר ראה עני — [... האַגע'ווער
ראָאָ אָני] זאַץ. תּח. אויך: דער. < איכה, ג, 1.
'איך בּין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּײַן',
תּי. ד״ה דער שווער־געפּרוּווטער,
דורכגעליטענער. געניצט אויך געקירצט: אַ, ה'. „אַ, ה',
איך דער שרײַבּער פֿון דיזע צײלן בּין אַ
לעבּעדיקער עדות ווי שלעכט אונדזער פּובּליקום
בּאַהאַנדלט די פֿערזאָנען וואָס אַרבּעטן פֿאַר
זיי„ שמ״ר, דער לאַנד חכס, נ„י 10 1894, No.
„אַ, ה, ר, ע, — איך בּין דער מאַן וואָס האָט
געזען דעם בּראָך״, חיים ליבּערמאַן, אידישע
קוויזלינגס, נ„י 1947. „בּאַרעכטיקט אַפֿילו צו
זײַן אומגערעכט... איז בּלויז... דער אַ, ה,
וואָס האָט צוגעזען די פּײַן און לײַדן פֿון זײַנע
בּרידער״, ש. בּיקל, טמז, 25 1968 X.
אַ, הוא — [... הו] פֿראַזע. תּח. < דבָרים,
לבֿ, 39. 'איך בּין דאָס, דאָס בּין איך!'.
דריקט אויס אַ תּקיפֿותדיקן ענטפֿער,
האָפֿערדיקע בּאַיאָונג. „־—־ איר פֿרעגט צי איך בּין
דער שולדיקער? יאָ! אַ, ה'!״.
אַ, ההתום מטה — [... העכאָסום מאַטאָ
(מאַטע)] פֿראַזע. מצ: אַנחנו החתומים... [אַנאַ־

כנו האַכאַסומים...]. 'איך, דער וואָס איז
אונטערגעשריבּן אונטן,. אָנהייבּ פֿון אַ נוסח
אין אַ דאָקומענט, סערטיפֿיקאַט,
רעקאָמענדאַציע אע, וואָס מע שרײַבּט דערנאָך אונטער.
,,אַ, ה, מ, בּין זיך מתחייבֿ... (בּין ערבֿ,
בּאַשטעטיק, דערקלער אַז פֿלוני־אַלמוני...),,.
אַ, הלכתי בּדרך — [... האָלאַכטי
בּאַדערעך] זאַץ. 'איך בּין געגאַנגען אויפֿן וועג'.
אָנהייבּ פֿון אַ חדר־לידל און פֿון אַ ציילעניש
אין פֿאַרשיידענע נוסחאָות: ,,אַ, ה, בּ, ופֿגע בּי
איש חזק ושמו קאָזאַק, נאַגײַקע בּידו וחרבֿ
בּצידו; אָמר אלי: דענגי דאַוואַי איינס־
צווײדרײַ — (דו בּיסט פֿרײַ),,. ,,... ושמו קאָזאַק.
פּחד גדול נפֿל עלי. פּתחתי את הכּיס ונתתּי,
אַלץ וואָס האָט מיר געגעבּן דער טאַטע, וואָס
לא ינום ולא ייִשן — ניט ער שלאָפֿט, ניט ער
כאַפּט אַ דרימל אין הימל".

-

אַ, העשרתי את אַבּרם — [...
העעשאַ'רטי עס אַווראָם] זאַץ תּח. < בּראשית, יד,
23. 'איך האָבּ רײַך געמאַכט אַבֿרמען'. תּי.
[דאָס האָט געזאָגט אַבֿרהם ווען מלך סדום האָט
אים אָנגעבּאָטן צו נעמען פֿון דעם

מלחמהרויבֿ.] געניצט מיטן בֿ: מוחל די טובֿה! ״כ'וועל
ניט נהנה זײַן פֿון אים כּי־הוא־זה, ער זאָל
נאָכדעם ניט זאָגן אַ, ה, א אַ',,; ״הײַנט גיט
,

אָניאָג

ער מיר אַ שמעק טאַבאַק, און מאָרגן וועט ער
צעפֿויקן אַ, ה, א, אַ''״ □
אַ, הקטן — [... האַקאָטאָן] פֿראַזע. □ איך
□ דער קליינער'. פּפֿ: אָנוכי הקטן ←.
אויסדרוק פֿון איבערגעטריבענער אָדער
אויפֿריכטיקער עניוות. [אַ מנהג בײַ רבנים, מחברים,
כּליקודש צו התמענען בריוו, חיבורים, און
דבֿריתורה מיט אַ, ה, פֿאַר דעם נאָמען.] ״אַ, ה, בין
דער לץ פֿון דער רעדאַקציע״, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. ,,אַ, ה, בין אויך דאָרטן געווען
און זיך געשטויבט אין דעם שטויב פֿון די
גדולים״.   אויך אַ, ה, ה מ ח ב ר , אַ, ה,
מ ס כּ י ם.

‑

אַ, ואַפּסי עוד — [... ווייאַפֿסי אויד]
זאַץ. תּח. < ישעיה, מז, 8 ,איך, און חוץ
מיר איז ניטאָ מער', תּי. [רעדט זיך וועגן ב ל,
וואָס האָט געהאַלטן אַז זי איז די האַרינטע פֿון
קיניגרײַכן.] געניצט ווי אַן אויסדרוק פֿון אַ
גוזמאדיק אײַנרעדעניש פֿון גרויסקייט,
מעגאַלאָמאַניע. ניטאָ מײַן גלײַכן. „ווערנד אָ דער מין
בעל־גאווהדיקער מיזאַנטראָפּ האַלט זיך גאָר פֿאַר
אַ, ו, ע'“, ייִל פֿונ'ם יאָריד, אַדעס 1909. „דער

עקסטרעמער אַ, ו, ע, פֿון דעם עגאָאיסט“,
זשיט I, נ"י 1912.
אַ'־ו'־ע'ניק — „די ווײַסע אַ'־ו'־ע'ניקעס
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן“, גרינ,...
טאָגבוך.
אַ, יוס : [— [... יויסעף] תּח. < בּראשית,
מה, 3. 'איך בּין יוסף, [דאָס האָט ער
געזאָגט, ווען ער האָט זיך דערקענט צו זײַנע
בּרידער אין מצרים]. געניצט ווי: א) אַן אָנדײַט

אויף קרובֿישאַפֿט. ,,אַ, י,, מיר זײַנען דאָך שוועסטערקינדער‘‘; בּ) אַ חידושן זיך וואָס מע דערקענט ניט. ‘‘אַ, י, — מיר זײַנען דאָך אַמאָל געוועזן שכנים‘‘; ג) אַ טענה, אַ פֿאַראיבל וואָס מע האָט וועגן דעם ריידער ניט געהערט.

‘‘סטײַטש, אַ, י', איך בּין דאָך דער גבּאי‘‘.

אָנ אָג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

י

פֿון אָניאָגן. אָ, אין פֿאַרמעסט. אָ, אין די לימודים. אָ, אין דער אינדוסטריע.

אָנ אָגן — טרוו & אוטוו. יאָג אָן, ־י ,געיאָגט.

י

1. לויפֿן (פֿאָרן, פֿליִען, רײַטן, גיך גיין) און צוקומען. דערגרייכן (דערנענטערן זיך) צו אַן אָרט וואו אַ צווייטער איז פֿאַראַן. אָ, דעם קונה און איבּערגעבּן אַ פּעקעלע וואָס ער האָט פֿאַרגעסן. אָ, די אַנדערע לויפֿערס פֿון פֿאַרמעסט. ,,עס האָבּן מיך נאָכגעיאָגט פֿיל שׂונאים און האָבּן מיך ניט געקענט אָ', אַזוי ווי עס האָבּן מיך אָנגעיאָגט מײַנע אייגענע זינד‘‘, אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871. ‘‘איז ער... אויפֿגעשטאַנען און האָט נאָכגעיאָגט נאָך דעם ר, שמואל... און אַז ער האָט אים אָנגעיאָגט...‘‘, שבחי האַר‘‘י, [קעניגסבּערג] יאָר?

„איר לויפֿט, אָן עין־הרע, געשווינד ווי אַ פֿײַל אויסן בויגן, איך קען אײַך גאָרניט אָ'“, ממוס, מטעו▯נ.

2. אָנקומען, דערגרייכן צו (אין) אַ באַשטימטער צײַט. אָ, צו די בענטש־ליכט. „אײַל זיך ניט אַזוי, מײַן קינד, מיר וועלן נאָך אוספּעיען

153()

אָ, אויף שבת זײַן אין בערלין„, ש. א. הרש▯ קוביץ, די אוגערקע, בני ברק, יאָר? „ אויפֿגעמישט דעם אָנהייב פֿון שחרית און גענומען דאַוונען בחיפֿזונדיק כדי אָנצוּיאָגן דעם בעלת▯ילה“, ל. טרייסטער, טמז, 1967 ▯I 21.

3. ניט קענען אויסמײַדן. (אָנ)טרעפֿן. „ווען ער איז ענדלעך, אַ קראַנקער 82־יעריקער זקן, אַנטלאָפֿן פֿון אַסנאַ אַ־פּאָליאַנאַ — האָט אים אָני י

געיאָגט דער טויט“, שנ, קריטיק און קריטיקער. “ס'יאָגט אַ קויל אַ סווישטשענדיקע אויפֿן וועג אים אָן“, פּמ, מלחמה. „דיך האָט אין הימל אָנגעיאָגט דער גזר... אויף די פֿעלדזיק־הויכע

אַנדן“, חג, דער מענטש פֿון פּ□.ער, ז, 30.
4. מיט (דורך) אַרבעטזאַמקייט,
אָנשטרענגונג דערגרייכן צו אַ העכערער מדרגה פֿון
אַנדערע. אָ, עמעצן אין לערנען, אין גײַסטיקער
אַנטוויקלונג. „ווען די קינדער פֿון די
מזרחעדות אָ, די קינדער פֿון די וואָס־וואָסים?“. אָ,
דעם לעבן־סטאַנדאַרד פֿון אַמעריקאַנער
אַרבעטער. אָ, און איבעריאָגן אַמעריקע. אָ, דעם שכן
אין רײַכקייט. די נײַ־אַריבערגעקומענע האָבן
באַלד אָנגעיאָגט די אַלט־אײַנגעזעסענע. „דעם
גרעסטן טייל מערבֿדיקייט האָט רוסלאַנד בעצם
אָנגעיאָגט זינט דעם 19טן יאָרהונדערט“, מI□,
יִשפּ II, 4. „אַז ער גיט זיך אַ לאָז מיט דער
קאָסע, קען אים קיינער ניט אָ,“, מ. גאָלדשטיין,
בירעבידזשאַנער אויפֿן אַמור, מאָסקווע 1934.
“די חדר־יִנגלעך זענען... ווײַטער געקומען...
לערנען. ער [יחיאל] האָט זיי נישט געקענט אָ,
און געבליבן הינטערשטעליק“, אַש,
תּהיליסי□ד.
5. אָנקומען (בכּוונה אָדער שלא בכּוונה)
צו אַ שטאַפּל (מאָס) פֿון אַן אַנדערן אָדער צו
עפּעס וואָס איז מער, העכער. דער יִנגערער
ברודער האָט אָנגעיאָגט אין וואַקסן די עלטערע

שוועסטער פֿיג. „די האָר אויף זײַנע לאַנג
.
ניט־געגאָלטע באַקן יאָגן אָן מיט זייער וואַקסן
די... ניט־געשוירענע וואָנצעס“, בערג
בירעבידזשאַן, זב, מאָסקווע 1936. „נאָר דעם געדאַנק
האָט אַנגעיאָגט אַ צווייטער, וואָס ערגעצוואו
געלעגן איז אַ גרייטער„, האַל, מײַן אוצר,
מאָסקווע 1966. “טאַטע, נאָכן שליטן מיט דײַן
אָרון נאָכגעלאָפֿן בין איך דיר כּדי אָנצוּיאָגן
ערגעץ דײַן זכרון„, סוצ, סיביר. “לויט מידקייט
האָב איך, דאַכט זיך מיר, די וועלט שוין
אָנגעיאָגט“, הר פֿאַרנאַכט.
,
6. אָנוואַר ן, אַרויסרופֿן אַ שלעכטע
שטימונג. אַרײַנברענגען א ן אַ שווערן צושטאַנד
(געמיט). אָ, אַ בהלה. אָ, אַ מורא, אַן אימה.
אָ, אַ טעראָר אויף דער באַפֿעלקערונג. אָ, אַן
אומרו. „אַ כאָר פֿון מענערשע שטימען האָט
זיך געריסן אין דער נאַכט אַרײַן... און
אָנגעיאָגט אַ מאָדנעם אומעט“, אָפּאַ אַ ראָמאַן פֿון
אַ פֿערד־גנבֿ. „... דער גלאָק פֿון דער גויאישער
,טומאה, האָט נאָכאַנאַנד געקלונגען און
אָנגעיאָגט אַ מרה־שחורה“, שמעון האָראָנטשיק,

'גאָטס משפּט'. ״די ריחות וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די דאָזיקע וואוינונגען האָבן אָנגעיאָגט אַ חלשות״, באַש ־ אָר, 1 1966 I.

7. צונויפֿיאָגן, צונויפֿטרײַבן. צוזאַמענשלעפּן.

אָני(אַ)רידעווען

אָ, די אַרעסטאַנטן אין תּפֿיסה־הויף. אָ, די בהמות אין פֿעלד, אין וואַגאָן.

8. אוטוו. פּלוצלונג זיך באַווײַזן, אָנקומען. אומגעריכט אָנטראָגן זיך. אָנלויפֿן. „אַ שטורעמווינט האָט מיטאַמאָל אָנגעיאָגט און אומגעוואָרפֿן די געצעלטן„ פֿון אַלע זײַטן האָבן אָנגעיאָגט זשאַנדאַרמען און צעטריבן די דעמאָנסטראַנטן״. ״דער שוואַרציאָר האָט אים דאָ (פֿונקט איצט) אָנגעיאָגט„.

9. אוטוו. אײַלן זיך, יאָגן זיך ״ „און דער טאַטע האָט אויך נישט אָנגעיאָגט צו דער אַרבעט אַזוי ווי פֿריִער״, רחל קאָרן, ערד.

מיט ז י ך — 1. אָנלויפֿן זיך, אָנמאַטערן זיך. „זעץ זיך אַוועק, רו זיך אָפּ, האָסט זיך

שוין היינט געווּנג אָנגעיאָגט". 2. אָנטרעפֿן אין געאײל. אָ, זיך אויף אַ מכשול, שטער אע. „דער גוטער־יאָר זאָל עס וויסן ווי גלײַכער עס איז: גייסטו גיך, יאָגסט זיך אָן אויף אַ צרה, גייסטו פּאַמעלעך — יאָגט די צרה דיך אָן", איבז, א. האָלאָווקא, פּראָלאָג, קיִעוו 1935.

—עכ‍ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אַנ אַדזע — די, ־ס. בעס. רומ. > מאָלדעי

וואַניש. דאָס עסן און דאָס אָפּרוען זיך (בײַ ערדאַרבעט) אין מיטן טאָג. טרינקען אַ ביסל ווײַן בײַ דער אַ'.

אָנ אַוועז — טרוו. אַווע אָן, ~גע אַוועט. סל‍

1. דזוו אײַנ אַווען (←); אײַנמעלדן. אָנמעלדן.

אָ, אין פּאָליציי־אַמט. 2. אויסרופֿן פֿאַר אַלעמען. לאָזן וויסן עפֿנטלעך. אָ, פֿאַרן עולם דעם הויפּט־רעדנער, די הויפּט־אַטראַקציע. 3. דזוו אײַנ אַווען ←.. דזוו אָנמעלדן ←. אָנבּרעכן די

בּיינער. מיט ז י ך.

אָנ אָזשען — טרוו. ־זשע אָן, ~געיאָזשעט.
י

מאַכן שטעכיק, וו אַ יאָזש. אָנרייצן, אָ, עמעצן.
י
אָפּט מיט ז י ך — אָ, זיך און זיך וואַרפֿן אויף
אַלעמען פֿרגל: אָניעזשען.
.
אָנ אַטלען — טרוו. ־טל אָן, ~גע אַטלט.
י י
וואוילינגעריש געבערן אַ צאָל יאַטלעך,
ייִנגלעך. „זי האָט אים אָנגעיאַטלט פֿינף בנים“.
מיט ז י ך — האָבן צו טאָן מיט אַ צאָל יאַטן.
אָנ אָכן — טרוו. יאָך אָן, ⊡.י.,געיאָכט.
אַרויפֿי
לייגן אַ יאָך. אָ, די אייזלען.
אָנ אָכצ(ע)ן — אוטוו. יאָכץ(־צע) אָן, ~
געי
יאָכצ(ע)ט. (מיט ביטול) אָנקרעכצן, אָנוויינען
זיך, אָנשרײַען זיך. אָ, פֿון ווייטיק (פֿרייד).
אָניאָמערן — אוטוו & אַקוזוו. ־ער אָן, ~
געיאָמערט. אַ לענגערע צײַט יאָמערן, קלאָגן.
(אָנ)וויינען פֿאַרוויינען. אָ, עמעצן דעם קאָפּ.
.

אַניאָ'ן — דער, ־ען. (פֿיזיקאַלישע כעמיע) איאָן [← 871], נעגאַטיוו געלאָדן. יעדער נעגאַטיוו געלאָדענער אַטאָם.

אָנ אָסקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ,
געיאָפּי
קעוועט. אויך: ~יאָבקעווען. רוסיצ וואוילינגעריש, וואול. אָנזידלען, אויסזידלען עמעצן מיט מיאוסע ניבול־פּה־אויסדרוקן.

אָני(אַ)רידעווען — אוטוו ־דעווע אָן, ~
געי
י(אַ)רידעוועט. 1. שמײַען אַ סך. אָנטומלען. אַרומלויפֿן מיט קויפֿן־פֿאַרקויפֿן. אָ, ווי בײַ

אָניאַרמלדיק

זייערע אַלע־הייליקע. 2. פֿאַרבּרענגען אויף אַ יאַריד. אָ אַלע דרײַ טעג. מיט ז י ך —
,

„די פּויערים האָבּן זיך אָנגעיאַרידעוועט, זיו אָנגעזען און אָנגעהערט,„ אי. קיפּניס איבּז, האָלאָווקא, פּראָלאָג, קיִעוו 1935.

אָנ אַרמלדיק — אַדי. וואָס האָט ניט (טראָגט
,

ניט) אויפֿן קאָפּ קיין יאַרמלקע. ־יקייט —
,,זיך יחוסן מיט זײַן אייגענער אָנפּאותדיקייט
און אָ',,, יג, טאָג, 1964 17.
אָנ אַרמען — טרוו ־מע אָן, ~געיאַרמעט.

אוקר. אַרויפֿטאָן אַ הילצערנעם יאָך אויף
אַן אָקס. אָ אַ פּאָר אָקסן.

אַניבּער —]1be ו־hin :Mhd. אַרכ דזוו אַר
א

יבּער. ,,און, דא וואַר אַך קיין שיף דשׂ ער מיט ־
אַריבּר קענט פֿאַרן, דא גינג ער הין און, איין
קליין בּרעט און, פֿאָרט מיט אַניבּר,,, מבּ,
מעשׂה קיא.
אַנידער — קאָנווערבּ. [Mhd: (hin־)ni(le.
אינאיינעם, איז ניט אָפּטייליק פֿון אינפֿיניטיוו,
גערונדיוו, פּאַרטיציפּ; קומט נאָך דעם שטאַם

פֿון ווערבּ אין איצטיקער צײַט און
אימפּעראַטיוו. האָט אויף זיך דעם אַ ק צ ע נ ט. בּ:

אַראָפּ, אויף אַראָפּ; צו דער נידער (צו דער ערד, צום דיל אע). אין דער נידער; צו (בײַ) די פּיס. די צאָל ווערבן מיט אָט דעם קאָנווערב איז אַ באַגרענעצטע.

באַט— .,, פּאָרמען פון ווערטער
ייִט
וואָס שאַפן זיך מיט אַנידער ← די
-
ווערבן גופא.
אַ'אײַלן אַ'בוקען
ל (ז) אַ'בייג ו (זיר)
אַ'באָ ן
י י
אַ'באַ אַ'בעט
בך זי

אַ'באַרען אַ'בריקען
אַ'בוצען אַ'ברעכן
אַנידערברעכן זיך — אוטוו. ברעך זיך
אַנידער, זיך ~געבראָכן. אַזוי ווי געבראָכן (
צעבראָכן) ווערן און זיך אַראָפּבייגן, פֿאַלן. ,,ס'וועט

דער מאַן מיך אָננעמען בײַם צאָפּ, וועל איך אַ,
זיך אויף ביידע פֿיס", מאָל, חשונדיקע נעכט.

אַ'בּרענגען	אַ'האָגלען
אַ'גיין	אַ'האַמערן
אַ'דונערן	אַ'האַקן
אַ'דראַזגען	אַ'הייבּן
אַ'דריגען	אַ'הענגען
אַ'דריקן	אַ'וואַלגערן (זיך)

אַנידערוואַליען — טרוו ־ליע אַנידער,

~געוואַליעט. 1. אַנידערוואַרפֿן. אַ, בײַם ראַנגלען זיך. „ויהי היום איז גאָר דער פּריץ אָנגעקומען אויף אַ סצענע ווי בּערל האָט אַנידערגעוואַליעט שמעלקען אין מיטן ווײַנהויז", ארז, קמ, 2 .49 1870, No.
אַראָפּקײַקלען. אַראָפּוואַרפֿן. אַ, קלעצער (שטיינער) פֿון בּאַרג. מיט ז י ך — זיך אַ, אויפֿן זאַמד.
אַנידערוואַרפֿן — טרוו. וואַרף אַנידער, ~ געוואָרפֿן. 1. אַראָפּוואַרפֿן. וואַרפֿן אויף אַראָפּ. וואַרפֿן אויף דער ערד, אויפֿן דיל אע. „זי האָט שוין פֿיל טרופּעס אַנידערגעוואָרפֿן„ [תּי: „אַ סך דערשלאָגענע האָט זי אַוועקגעלייגט„], מס, משלי תקע"ד, ז, 26. "מיט אַ זעץ איבּערן קאָפּ

אַנידערגעוואָרפֿן,,, יִשׂראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. 2. דזוו אומוואַרפֿן. אַ, די פֿאַלשע געטער. ,,דיא זעלביגי צײַט ליס דר הורקנוס ווידר בויאן דיא מויארן פֿון ירושלים, דיא דער פּומפּיוס האָט אנידר גיוואָרפֿן,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743, צד/ב. מיט ז י ו — ,,דער רמבּם האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿן פֿאַר דעם אָרון־קודש און האָט מיט גרויס געוויין געבעטן,,, איבּז, ספּורי נפֿלאות, לבֿוב תּר״י. ,,מיט אַ צעשטורעמט קעפּל פֿלעג ער זיך טיילמאָל ווערן אַ, אויף זײַן געלעגער,,, ווײַס I, ,דער אָרעמער יונג'.

אַ'ווינקען אַ'זינקען

נידערזעצן — טרוו. זעץ אַנידער, ~געזעצט.

1. אַוועקזעצן נידעריק, אונטן. אַ, אויף דער ערד. אַ, אויפֿן בענקעלע, בעט אאַזוו. ,,זיצט ער שוין אַראָפּגעלאָזט די נאָז, ווי דער גוטעריאָר וואָלט אים גענומען און אַנידערגעזעצט אויפֿן בענקל,,, ממוס, ווינטשפּ. אַ, עמעצן

.

אויפֿן (גאָלן) הינטן = א) דערפֿירן דערצו אַז עמעצער זאָל אָנווערן זײַן פֿאַרמעגן, זאָל

באַנקראָטירן. „זיך באַרימט אַז ער וועט דעם
'גרויסן פּריץ אַ, אויפֿן גאָלן הינטן... און אין

,

אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז טאַקע געקומען אַ
קאָמיסיע און פֿאַרחתמעט די זייף־פֿאַבריקן,,,
שמעון הערשאַנטשיק, 'גאָטס משפּט,; בּ)
אַראָפּזעצן, אָפּשטופּן, ניט דערלאָזן זיך אַרײַנמישן.
„אַזאַ חצוף! אומעטום מישט ער זיך אַרײַן.
מע דאַרף אים אַ, אויפֿן הינטן“.
2. סתּם אַוועקזעצן. פּד, אוקר. אַ אַ קוואָקע

,

אויף אייער. ״די כלה וועט מען באַלד באַדעקן.
מע זעצט זי אַנידער אויף אַ שטול,,, עט, לידער.
„נעמען אַ, אַזעלכע אויבנאָן...,,, ממוס, שלמה.
„האָט דער מלך... זײַן זון...
אַנידערגעזעצט אין אַ חדר און האָט אים אָפּגעגעבן
פּאַפּירן פֿון דער מדינה,,, נחב, 'מעשׂה ממלך

.

וקיסר'. ״האָט אים געזאָגט ברוך־הבא און האָט
אום אַנידערגעזעצט בײַ זײַן רעכטע האַנט“,
שבֿחי האַר“י, [קעניגסבערג] יאָר?
3. אײַנזעצן אין תּפֿיסה. אַ, אויף עטלעכע
יאָרעלעך.
4. אַרכ. באַזעצן. „דער קינג פֿון אַשור האָט

פֿר טריבֿן אַן ישׂראל... און, ער האָט זיא
אַנידר גזעצט אין חלח און, חבֿור,,, שאַר, א/ב.
מיט ז י ך — ‘‘זעצט איַך נאָר אַנידער לעבֿן
מיר, אַ ליד וועט איר פֿון מיר אויסהערן,,, פֿל.
,,בשעת ער וויל אַרויסגיין פֿון דער שול, זאָל
ער זיך אַ ביסל אַ, און זאָל ניט גיין איַלנדיק,,,
לט2, יב/א. ‘‘לאָמיר זיך אַ, פּראַווען דעם סדר,,,
הגדה פֿון יעקינא, וואַרשע 1881. ,,ויצא, וישלח,

□

וישב — אויסוואַנדערן, אַרויסשיקן, זיך אַ, —
דאָס זענען די דריַ סדרות וועלכע גייען ביַי
אונדז ייִדן... גאַנץ אָפֿט אין אונדזער
געשיכטע‘‘, דר, יעקבֿ משערני, קול יעקבֿ,
באַרדיטשעוו 1897. ,,די שוואַרצע טויב וואָס מע

□

רופֿט זי נאַכט האָט... ביז אינדערפֿרי זיך
אַנידערגעזעצט פֿון די גילדענע אייעלעך אַ
וויַסן זומערטאָג אויסבריִען‘‘, אשט, מיַסעלעך.
אַ'טונקען זיך   אַ'טראַסקען
אַ'טראָגן   אַ'טרעטן

אַנידערלייגן
אַנידערכאָליען זיך — אוטוו. ־ליע זיך

אַנידער, זיך ◻ .,,געכאָליעט. זיך אַנידערלייגן און כאָליען. ,,הינטערן אויוון זיך אַ, פּאָפּן,,, שע, פֿון פּסח ביז פּסח. ,,געפֿינט ער אַ מטבע — פֿרעסט ער אָנבײַסן, געפֿינט ער ניט — איז אַ שפּײַ אויפֿן קול און אין זאַמד זיך אַנידערגעכאָליעט", מלה, 'די הייצער'.

אַ'כליאַסקען אַ'לאָזן (זיך)

אַ'כמאַליען אַ'ליאַפּען

אַנידערלייגן — טרוו. לייג אַנידער, ~

געלייגט. 1 ◻ אָוועקלייגן נידעריק, אונטן. אַ, עפּעס אויפֿן דיל. "האָט זי גענומען אַ פּאַטשיילע פֿון דעם קאָפּ און האָט דערויף אָנגעשריבן מיט אירע טרערן און האָט אַנידערגעלייגט לעבן אים", נחבֿ, 'מעשׂה מאבֿידת בתמלך'. ,,צעהאַקט אַ ביסל האָלץ אין וואַלד און מע האָט אַנידערגעלייגט אַ פֿײַער,,, משה אַהרן גליקמאַן מליקאָווא, ברכי נפֿשי, וואַרשע 1898. ,,אויף וועמעס קבֿר זאָל איך... דעם לעצטן קראַנץ אַ,?,, פֿרוג II. ,,דער בער האָט די לאַפּעס

,

די צוויי אינעם קבֿר אַנידערגעלייגט", מל,

'משה לייבּ'. אַ, דאָס ג ע וו ע ר = א) זיך
און.
טערגעבּן; בּ) מער קיין מלחמה ניט פֿירן.
,,האָט ער בּפֿאהלן דשׂ דיא יהודים איר גווער
זאָלן אנידר ליגן און, זאָלן קיין (מלחמה) מער
האַלטן,,, שאַר, יד/ב.
אַ, דעם ק אָ פּ = א) געפֿינען אַ שטיקל
.

מנוחה, אַ מקום־מנוחה. זוכן אַן אָרט וואו דעם
קאָפּ אַנידערצולייגן. אַ, דעם קאָפּ ערגעץ אין
עק וועלט. ,,יענעם איז דער גרעסטער פּאַלאַץ
ענג, דעם אַנדערן — געַנוג אַ שטיקל אָרט
וואו אַנידערצולייגן דעם קאָפּ'', ממוס, ווינטשפּ;
בּ) (גרייט זײַן) זיך מקריבֿ (צו) זײַן. אַ, דעם
קאָפּ פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר דער מדינה אע. מיטן

ערשטיקן בּ: אַ, דעם קאָפּ אויפֿן קישן. ,,דאָס
קינד האָט אַנידערגעלייגט דאָס קעפּעלע אויף
דער מוטערס קני און איז אײַנגעשלאָפֿן,,..
2. סתּם אַוועקלייגן [געניצט אַ סך אָפֿטער
ווי דער ווערבּ אַוועקלייגן]. אַ, עפּעס אויפֿן

טיש. אַ אַלץ אויפֿן טיש = אַרויסקומען מיט

,

אַלע בּאַוויַזן, מיט אַלע טענות. אַ, די (אַלע)

.

קאָרטן אויפֿן טיש = אוי דעקן. קיין זאַך ניט פֿאַרבּאַהאַלטן. „ווען מע בּרענגט אַ בּריוו אום שבּת, מוז דאָס דער גוי אַ', דערנאָך זאָל דאָס דער יהודי צונעמען„, ספֿר שולחן ערוך, ח"א [זשאָלקעוו? אָנהייבּ 19. י„ה], ט/ב. „מע טאָר ניט אָפּבּיַסן פֿון אַ שטיקל בּרויט און דאָס איבּעריקע אַ, אויף דעם טיש, אָדער עס געבּן אַן אַנדערן צו עסן„, חא, לז/ב. „אַנידערגעלייגט אויפֿן טאַץ אַ רויט־גילדענעם רענדל דרשהגעשאַנק„, ממוס, „אַ שטאָט אין מזרח'.

3. (בּשיַכות מיט בּ2) געבּן בּאַר געלט. בּאַצאָלן. אַ, אַ צענערל. „אויבּ ער איז אים [דעם געשטאָרבּענעם חבֿר] שולדיק געלט און ער האָט קיין יורשים ניט, זאָל ער אַ, דאָס געלט בּיַ דעם בּ„ד [= בּית־דין]„, איבּז, ס ר חסידים, ווילנע 1819. „הייסן געבּן אַ גוט גלעזעלע... בּראַנפֿן, נאָר פֿריִער אַנידערגעלייגט געלט„, יאַ, 'דער ערשטער יוד, רעקרוט„. "וואָס העלפֿט איר דאָס געוויין — זי

אַנידערלייגן

האָט געמוזט אַ, אַחת ואַחת", דער ליכטיגער
גן־עדן, זשיטאָמיר 1876. „קיין טויזנטערס נדן
קאָן איך איר ניט אַ'“, שע, איַיזנבאַן
געשיכטעס. „זי זאָל מיר אַ, דעם קייסערס גוטס... —
ווי הייסט איך וועל עס טאָן?“, נ. מ.
יאַסנאָגורסקי, דער ערשטער זיווג, באַרדיטשעוו
תּרע„ד, ז, 17.

4. (בשייכות מיט ב1) אַוועקלייגן אין אַ זייַט.
אַ, אין אַ ווינקל די מכשירים. אַ, עפּעס אין
קאָמאָד און שפּעטער עס אַרומזוכן. “עפּעס
לייענט איר אַ בריוול און איר לייגט עס
באַלד אַנידער“, סעג, לירישע לידער.

5. (בשייכות מיט ב3) אָנבאָטן. פּירלייגן מע
זאָל נעמען. אַ, אַ שיינע מתּנה דעם קנעפּל. אַ,
אַ שפּילכל פֿאַרן קינד. „גאָט... געטראָוועט
ווייניק אונדזער שׂכל און דערפֿאַר לייגט ער
אַנידער אַ שפּילכן בײַ יעדן חובֿ וואָס מיר
דאַרפֿן טאָן“, וו. & ס. איבז, די מעשׂה פֿון
דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869.

6. (בשייכות מיט ב3) פּטרן געלט. אַ, דעם
גאַנצן נדן אין עפּעס אַ מסחר. „שיינע עטלעכע

גילדן האָט ער דאָס אַ ביסל אַנידערגעלייגט, די גאַנצע ירושה״, עט, סערקעלע.

7. אַוועקלייגן אויף אָפּצושמײַסן, צו שלאָגן. אַוועקלייגן בײַם ראַנגלען זיך. ״אַ גיבור — ער לייגט צוויי אַנידער, אַזוי ווי זעקלעך מיט בולבעס״. ״נאָר פּרײַטיק פּלעגט דער רבי אַ,. האָבן די קינדער אים גערופֿן ר, פֿײַוול פּרײַטיק״. אַ, און מאַכן אַ משכנתּא. ״מע לייגט דאָ אַנידער דעם יונג אַזוי געך, אַזוי געשווינד״, טעיאַטאָר פֿאַרשטאָפּן זיי די מײַלער מיט

גע ,,

וואַלט, בינדן זיי אויף אַלע פֿיר... און אַ',,, ממוס, שלמה. ,,ביסטו ניט ווערט אַז מע זאָל דיך אַ, אין מיטן די נאַלעווקעס און אָפּצימבלען דיך?״, שע, מאַריענבאַד.

8 (וועגן אַ קראַנקייט) אַוועקלייגן אין בעט. ,,דאָס קדחת האָט אים אַנידערגעלייגט אויף אַ חודש צײַט״. ״אַך מײַן גאָט, הער אויס מײַן געדאַנק, לייג אים אַנידער אַ ביסל קראַנק,,, פּל. ״אוי וויי, אָט חלש איך, אוי וויי, אָט שטאַרב איך! דײַנע רייד לייגן מיך אַנידער, אַנידער,, פּל. ״ס'לייגט די קרענק ד אַלטע

- , י

אים אַנידער און דאָקטוירים אים באַטראַכטן

ווידער“, ממוס, יודל.

9. אומוואַרפֿן, אומשלײַדערן אע. אַ אַ

,

מײַערל. „אַ שיינע סוכּה האָט איר
אַנידערגעשטעלט... אַז איין ציג האָט זי געקענט
אַ'“, שע, 'שוין איינמאָל אַ סוכּה'. „געדיכטע
וועלדער ווערסטו, מענטש, אַ', ווען דו
באַדאַרפֿסט פֿאַר זיך אַ הויז“, סעג, קאַפּריזן.

1o. פֿירבּרענגען. אַ, אַ ד אַ וו נ ע ן , מע זאָל
צעגיין פֿון מתיקות. „יהי רצונס האָט ער
אַנידערגעלייגט איידער מיר האָבן דערלעבט צו
הערן 'מן המצר'“, קמ, 36 1868, No. „האָבּ
איך אַנידערגעלייגט אַן אַל־אַדון, אַן אמתן
וואָלעך“, אבּג, גלגול, וואַרשע תּרנ"ו. “
אַנידערגעלייגט אַ דאַוונען מיט גאָלע שטייגער,
דריידלעך און תּנועות, אַז מען איז פֿון דער הויט
געשפּרונגען און געלעקט די פֿינגער“, ממוס,
פּריזיוו. „אַז ס'איז געקומען צו די '

לכה1582

דודי'ס, האָט דער חזן אַליין שוין
אַנידערגעלייגט אַ 'מזמור שיר ליום השבּת'ל און דווקא
אויפֿן ייִדישן שטייגער„, שע, מע▯)יות און

פֿאַנטאַזיעס. אויך: אַ, אַ ש מ ו ע ס — בּרייט און
אינטערעסאַנט שמועסן, חקירהן זיך וועגן עפּעס.
„איבּער גוג־ומגוג לייגט מען אַנידער אַ בּרייטן
שמועס, עס פֿאַלן איבּער אים אַלערליי דעות“,
ממוס, ווינטשפֿ. אַ אַ ח ת י מ ה — זיך

און ,
טערשרײַבּן. „גייט מבּית לבּית און בּעט מיט
אַ רחמנות־פּנים מע זאָל אַ אַ חתימה“, קמ,

,

30 1870, No. אַ, דעם טאַטן = זיך
אונטערשרײַבּן.
11. אַנידערשטעלן. אַ אַ הונט בּײַ דער

,
טיר. “אַרײַנגענומען דעם פּועלס זון... הייסט
עס גלײַך ווי ער לייגט אַנידער אַ לייבּ אין זײַן
פֿעלד כּדי די עניים זאָלן מורא האָבּן צו גיין
קלײַבּן לקט“, שהמ, יא/ג.
12. האָבּן סעקסועלן פֿאַרקער.
פֿאַרגוואַלדיקן “זי איז געוועז אַליין אין שטוב, האָט
ער זי אַנידערגעלייגט“.
מיט ז י ך — 1. פֿאַרשיידענע בּבּ פֿון
אַנידערלייגן. זיך אַ, שלאָפֿן. זיך אַ, אויפֿן בּעטל.

זיך אַ, קראַנק. „לייגט זיך אַנידער אויף דער
שויס“, עט, לידער פֿאַרוואָס זשע ניט צולאָזן
. „
זיך אַ שטיקל עולם־הזה ווי אַ, זיך,...
אויסציִען זיך טאַקע אַ ביסל“, ממוס, ספֿר הבהמות.
2. שטאַרבן. פגרן. „וואָס האָט ער דען
געקענט מאַכן? אַ, זיך, שׂונאי־ציון, אויפֿן וועג?“,
ממוס, מסעות „אַז ס'איז באַשערט געווען...
עס זאָל זיך ביי מיר אַ, אַ בהמה“, שע, טביה.
־עכץ. ־עניש.
אַ'מאָסט(י)ען אַ'נעמען
(זיך) אַ'סווישטשען
אַ'נורקען אַ'סמאַליען
אַ'נייגן
אַנידערסעקן — טרוו. סעק אַנידער, ~
געסעקט. <? (גראָכ, גנבים־שפּראַך)
איבערגוואַלד אַנידערזעצן. אַ, דעם יאָלד און ניט לאָזן
אים אויסרעדן אַ וואָרט. געוויינלעך מיט ז י ך.
“סעק זיך אַנידער און טרינק„, בערג.
אַ'סקובען אַ'פּאַקן
אַ'סקראָבען אַ'פּאָרקען זיך
אַ'פּאַטשן אַ'פליוכען
אַ'פּאַטשקען אַ'פליוסקען
אַנידערפֿאַל — דער, ־ן. אַקט פֿון

אַנידערפֿאַלן. אַ פלוצעמדיקער אַ'.
אנידערפֿאַלן — אוטוו פֿאַל אַנידער, בּ י ן
—
~געפֿאַלן. 1. אומפֿאַלן און זיך אויסציִען.
אַ, אונטערן בוים. אַ אַ שיכּורער אין רינשטאָק.

אַ, צו עמעצנס פֿיס = אויך: תּחנונימדיק זיך

בּעטן בּײַ אַ האַר. "איצקע, פּיצקע, נאָדלטעשל,/
גיי אין קראָם און גנבֿע אַ פֿלעשל, / גיי אין
שול און גנבֿע אַ סידור, / גיי אויפֿן גאַס און
פֿאַל אַנידער", קל. „וויא ער אַלזו רידט, דא
פֿיל ער אַנידר אויף די ערד", יוסיפֿון, אַמשט אַ
1743, עב/ב. „ער פֿאַלט אַנידער אויף דער
ערד, וויינט און קלאָגט", עט, לידער. „אונדזערע
וואַנדערער זײַנען אַנידערגעפֿאַלן נעבּן אַ
וועלדל, בּײַ דער זײַט פֿונעם וועג„, ממוס, מסעות.

אַנידערקנ􏰀 ען

"וועג ציגל פֿאַלט אויף דרערד אַנידער...„„
בּ. לאַפּין, דער פֿולער קרוג.
2. איבּער שוואַכקייט, אויסגעמאַטערטקייט
ניט קענען מער שטיין אויף די פֿיס. אַ, אויפֿן

געלעגער, בעט, קאַנאַפּע, שטול אע. אַ,
טויטמיד אויפֿן בעטל. אַ, (אין) ח ל ש ו ת. „אַ פֿאַל
אַנידער אָן כּוח גיט נעבעך איצט אונדזער נח“,
עט, לידער. “נאָך און נאָך אַ שמיצל, ביז די
כּוחות וועלן אויסגיין און ער וועט אַ,“, ממוס,
טאַקסע. „די פֿיס האָבן אים אויפֿגעהערט צו
דינען און ער איז טויט[־מיד] אַנידערגעפֿאַלן
אויפֿן אָרט“, ממוס, מסעות. „איז ווי אַ
געהרגעטע אַנידערגעפֿאַלן אויף איר געלעגער און
איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן“, ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. „אויף דעם ראַנד פֿון שמאָלן פֿענצטער
פֿאַלט פֿאַרנאַכט מײַן קאָפּ אַנידער“, סעג,
לירישע לידער. „כ'בין קראַנק, זייער קראַנק, האָט
ער געשעפּטשעט, אַנידער אַלנדיק פֿאַרשמאַכט“,
יחיאל לערער, מײַן היים.

3. אַוועקפֿאַלן און אויסגיין. “דער דאָקטער
האָט געזאָגט אַז ער געפֿינט בײַ אים גאָרנישט,
און אַרויסגייענדיק איז ער אַנידערגעפֿאַלן —
און אויס“. “אַז זי וועט אים תּיכּף אויסזאָגן...,
קאָן ער דאָך אַ, און אויסגיין„, נחבֿ, 'מעשׂה
מבערגיר והעני'. “וויא איך קומן בין אויף דען
פֿלאַץ, וואַר איין ערלתה אַנידר גפֿאַלן אונ איז
תּיכּף טוט גבליבן“, 'פּראָגער פֿאַמיליען מגילה',
1732 [ייִבֿל XIII]

4. זיך אונטערגעבן, ווערן אונטערטעניק. אַ, פֿאַרן שׂונא. ,,... זענען זיי תּיכּף פֿאַר אים אַנידערגעפֿאַלן און האָבן תּיכּף אים געמאַכט פֿאַר אַ מלך‘‘, נחבֿ, 'מעשׂה מבעל־תּפֿילה'.

5. אַרונטערקומען פֿון דער פֿריִערדיקער גדולה. אַ', ווערן אויס נגיד. ,,איבער די וואַלן איז ער אַנידערגעפֿאַלן, געוואָרן אויס קנאַקער און מער שוין ניט געקענט זיך דערהייבן צו אַן אַמט‘‘.

6. איבערלעבן (און אַרויסווײַזן) געפֿיל פֿון

□

אָפּשײַ, גרויס דרך־ארץ. אַ, פֿאַרן גרויסן רבין. אַ, פֿאַר די סטאַטועס און קונסטבילדער. ,,צום מינדסטן אָנזאָג פֿון אַ שפּראָצונג כ'פֿאַל אַנידער‘‘, אסתּר שומיאַטשער, שעהען □ון ליבשאַפֿט.

7. אַקוזוו. לאָזן אָן אַן ענטפֿער, ניט לייגן קיין אַכט. ‘‘ליבער גאָט, לאָז ניט אַ, מײַן בקשה און זאָלסט מיר הצלחה געבן‘‘, איין נײַע שט תּחינה, פּיעטריקאָוו 1881.

־ונג. ―עכץ. ־עניש.

אַ,□ל □עז אַ □ויקל□ □ (זיר)

'   ,
אַ'פּאָץ   אַ, וטש

אַ'פֿלייצן   אַ'קומען
אַ'צאַפּלען זיך   אַ'קוקן
אַ'צווינגען   אַ'קײַקלען
אַ'צ עןֿ   אַ'קלאַפּן
אַ'קאַטשען   אַ'קנאַקן
אַ'קאָרטשען   אַ'קנוטעווען

נידערקנ ען — אוטוו. קני אַנידער, ~
געקניט. זיך אַרונטערלאָזן אויף די קני. אַ, און
רײַבן די פּאָדלאָגע. אַ, פֿאַר דער שיינהייט. דער
אַלטער עפּלבוים בליט... ער שמייכלט
פֿאַרשעמטערהייט צו זיך און צום אייגענעם בליִען.

אַנידעררײַסן

בין איך ניט איינמאָל שוין גרייט צו שטויב
אַ',,, הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים. ,,ער האָט
זיך געצלמט און געמאַבט אַ מינע ווי
אַנידערצוקניִען", באַש פֿאָר, 1964 י 16. ,,איך טו אַ
,
פֿאַל אויף דער ערד און קני מיט פֿאָרבט פֿאַר

יעדן מענטש אַנידער,,, סוצ, וואַלדיקס.

אַ'קריגן אַ'ראַטשקעווען

אַ'קריכן אַ'רוקן (זיך)

אַ'קרענקען אַ'ריידן

אַנידעררייסן — טרוו. רײַס אַנידער, ▯י.,

געריסן. אַרונטעררײַסן. אַראָפּרײַסן, אַראָפּשלײַדערן. רײַסן פֿון אונטן. אַ, די אונטערשטע צווײַגעלעך. ,,אַלשׂ דיא הירשן, גינן זיא אויף די שפּיצן פֿון דיא בערגן אום אַנידר צו רײַסן דיא רײַט וועגן“, יוסיפֿון, אַמשט 1743, קפּו.

אַ'רינען אַ'שווענקען

אַ'רעגענען אַ'שטויסן

אַ'שאָקלען אַ'שטופּן

אַ'שאַרן (זיך) אַ'שטורעמען

אַ'שוועבן אַ'שטײַגן

אַנידערשטעל — דער, ־ן. אַקט פֿון אַנידערשטעלן. ,,דער אַ, פֿונעם דרײַלינג ווי אַ גאַנג פֿון דרײַ דורות... וואַקלט זיך אַ ביסל“, דבֿ סדן גק, No 34.

אַנידערשטעלן — טרוו. שטעל אַנידער, ~ געשטעלט. 1. אַוועקשטעלן, אַראָפּשטעלן אונטן. אַ, ד אַלע זאַכן אונטערן באַרג. אַ, די שיך

י

אונטער דער קאַנאַפּע. גלייבעכץ: אונטער אַ
בעט טאָר מען קיין שפּײַז ניט אַ.. ,,שטעלט
ער אַנידער אַ פּאָר שיך וואָס זענען...
אָנגעשמירט מיט סמאָלע,, ראשית למודים, לבוב
.18□2

2. סתּם אַוועקשטעלן. אַרויפֿשטעלן. אָ, די
טעפּ אויפֿן טיש. אַ, כּיבוד פֿאַר די געסט. ,,ער
זאָל דעם כּוס האַלטן איין טפֿח העכער פֿון
טיש און ער טאָר אים ניט אַ',,, לט2, נג/ב.
,,דער פֿאָטער... האָט אים נאַקעט
אַרויסגענומען פֿון דעם בעט און האָט אים
אַוועקגעטראָגן קיין פּראָג... און האָט אים
אַנידערגעשטעלט בײַ דער שול וואָס מע רופֿט זי
אַלט־נײַע שול,,, מע□ה פֿון הגאון בעל־המחבר
עוללות אפֿרים, זשיטאָמיר 1874. ,,די
שנײַדערקע שטעלט אַנידער אויפֿן טיש אַ גרויסע פֿולע
שיסל אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿל“, ממוס, שלמה.
,,איז אַרײַנגעקומען אין בית־המדרש,
אַנידערגעשטעלט אַ שיסל גריץ אויפֿן טיש“, פּרץ,
□וסידיש.

3. אויפֿשטעלן. אויפֿבויען. אַ, אַ שטוב
(מויער אע) אויפֿן ליידיקן פּלאַץ. ,,אַ שיינע
סוכּה האָט איר אַנידערגעשטעלט... אַז איין

ציג האָט זי געקענט אַנידערלייגן“, ש□נ, ,שוין איינמאָל אַ סוכּה'.

4. בּאַשטימען עמעצן צו שטיין אויף אַן אָרט, מיט אַ ציל, כּוונה, עפּעס צו טאָן. אַ, אין ווינקל דעם תּלמיד וואָס טומלט. אַ, נאָך ארבּעטער צו פֿאַרענדיקן גיכער ד אַרבּעט.

—   ,

,,געשטעלט אַ גרויסע וו אַ ך אַנידער, אַז מע זאָל קיינעם נישט טאָן“, מעסtה אומן. ,,האָט זיי אין שטיין פֿאַרשלאָסן און האָט נאָך אַ שומר אויך אַנידערגעשטעלט לעבן זיי,,, יפּ.

1583

פֿלעגט זי אים אַ, אויסוויַסן די שטובּ“, ממוס,

,,

מסעו□].

5. אָפּשטעלן. אַ, דאָס פֿערדל בּיַים

אַריַנפֿאָרהויז□ ,,זיי זענען געקומען צו דער שטאָט... און זיי האָבּן אַנידערגעשטעלט די שיף,,, נחבּ, 'מעשׂה מבּערגיר והעני'. ,,לאַנג וואַר דער טאָג וואָס יהושע האָט אַנידערגעשטעלט די זון,,,

אמד, עוזר צינקעס און די ציג, ווילנע 1868.

6. פֿירבּרענגען פֿאַר די חושים אָדער פֿאַרן געדאַנק (אויף אָפּצושאַצן). אַ, דעם נײַעם פּלאַן מיט אַלע זײַנע מעלות. אַ, די זאַך (דעם ענין) מיט אמתן יִישובֿ־הדעת. אַ, דעם ענין אויף דער שאַרף פֿון מעסער. אַ, פֿאַר די אויגן בּילדער פֿון סטאַטועס פּלעגט ער זיי בּאַשרײַבן,

. „

אַנידערשטעלנדיק אַ בּילד וואונדער־שיין, מחיה נפֿשות„, ממוס, שלמה. „אַז ער טראָגט אַרײַן זײַן פֿאַרשטאַנד אין דעם גילוי עצמי, שטעלט דאָס אים אַנידער אויף דער שוועל וואָס צווישן השׂגה און געפֿיל“, לדבּ׳ נ„י 1957, ז, עט.

7. שטעלן אויף די פֿיס. שטעלן אויף אַ גוטן שטאַנד. אַ, עמעצן מיט אַ גוט געשעפֿט. „דו דערהאַלטסט אַלע, דו שטעלסט זיי אַנידער“, ממוט, שירה. „מיר האָבן דאָך אַנידערגעשטעלט די בּרידער פֿון אונדזער פֿאָלק“, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פֿאַריז 1924.

8. אַנשטאָט אָנשטעלן. „... האָט אויף איר אַנידערגעשטעלט זײַנע גרויסע אויגן“, שע, יוגענד ראָמאַנען.

מיט ז י ך — 1. מיט בּבּ 1־2. זיך אַ, אויף די קני. זיך אַ, ווי אַ ליימענער גולם. זיך אַ,

אין אַ זײַט מיט גרויס דרך־ארץ. „איך טו מיך דאָרט אַ, וואו מײַן האַרץ טוט גלייבן„, פּל.

„ווי איך פּלעג מיך צום עמוד אַ', בין איך אַיעדן געפּעלן“ פון אַ בדחן. „האָט משה־לייב־

זיך אַנידערגעשטעלט אינמיטן דער נאַכט צו דערטראַכטן די וועלט“, מלה, אין ניו־יאָרק.

2. זיך אויפּהייבן. זיך אַ, פּאַרן רבין. זיך אַ, ווי בײַ קדושה (פּאַר קדוש־קדוש). „טייל לײַט זענען זיך יוי נוהג אַ, צום ערשטן פּסוק פון קריאת־שמע“, לט2, כה/ב. „צו מעריבֿ זאָל זיך דער מענטש אײַנבייגן און לייענען קריאתשמע, און צו שחרית זאָל ער זיך אַ', וואָרעם עס שטייט אין פסוק: 'ובשכבך ובקומך'„, זרעים, ב/א.

3. אָפּשטעלן זיך. בלײַבן ערגעצוואו. „קיין גוטער ייִד טאָר זיך א ן שפּאָלע ניט אַ, געלט מאַכן“, קמ, 18 1867, No. „יעד... גיי נענטער צו דער שול... יעד שטעל מיך אָבער אַנידער, הער עך עפּעס“, טעיאַטאָר. „אַזאַ מאַשינע... וועט פון יענעמס אַ קלאַפּ מיט דער האַנט זיך... נישט אַ'“, ממוס, ווינטשפּ

4. אײַנשפּאַרן זיך פּאָדערן עקשנותדיק. זיך

.

אַ, אויף אַ דעה. אַ, זיך דיבאָם. „אַלע גוטע ייִדן
-
זאָלן... מאַכן יד־אַחת און אַ, זיך אויף ניין“,
פּרץ, חסידיש. 5. (איינ)שטעלן זיך. עס האָט
זיך אַנידערגעשטעלט אַ פֿראָסט (אַ גוטע
פּאַגאָדע). ”עס זעט אויס, עס וועט זיך אַ אַ גוט
,
גערעטעניש“, רייד (פּאָד). 6. בּלייַבּן שטיין
און ניט בּאַצאָלן די קרעדיטאָרן. דזוו שטעלן
זיך. [פֿרגל אַנידערשטעלן, בּ7]. ”וועֿן אַפֿילו

אָניהסנען זיך

אַז ער [דער גבֿיר] האָט שוין אָנגעהויבּן [דאָס
געשעפֿט], קאָן ער זיך אינמיטן עסק אַ'“, דער
יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881 —ונג ־עכץ.
. .
־עניש.
אַ'שטעקן אַ'שיטן
אַ'שטראָמען אַ'שינדן
אַנידערשיסן — טרוו. שיס אַנידער, ~
געשאָסן. דערשיסן. אונטערשיסן. „דא האבּ איך
גיזאגט: איך וויל ניט, ער איז מיר נישט
שולדיג. וואָלט איר — שיסט איר אין אַליין

אַנידר“, ,שו,,ת צמח צדק', אַמשט 1775 [הש I].

אַ'שלאָגן אַ'שפּאַלטן

אַ'שליטלען אַ'שפּײַען

אַ'שלײַדערן אַ'שפּרייטן

אַ'שלעפּן אַ'שפּרינגען

אַ'שמײַסן אַ'שפּריצן

אַ'שנײַדן אַ'שרײַען

אַניוועץ — ← אין ניוועץ גיין.

אַניוטעם אייגעלעך — □]□]□]□ו□]□aוI: □ □ .

□I□[a3□].□[. פּ אַלקע. געוויינלעך: חנהלעס (
לאהי
לעס) אייגעלעך. אויך: בּרודערל־שוועסטערל,
אמנון ותּמר,
שטיפֿמוטערל אאַ
דרײַקאָליריקע בּלימעלעך. ,,אַזוי
ווערן אויך צוגעמאַכט
בּײַנאַכט... די יעניקע
בּלימעלעך וואָס הייסן
מאַרגאַריטקעס, אַ, א,
אאַזוור“, מינקאָווסקי, די
□לאַנץ און איר לעבּן, וואַרשע 1923.ola□י
.□r□c□Olor

אָניוירן — אוטוו. יויר אָן, ~געיוירט, ~

געיוירן. אויך: ~יערן. פֿאַרענדיקן אין אַ
גענוגיקער מאָס פּראָצעס פֿון פֿערמענטירונג.
טייג בײַם בעקער האָט שוין אָנגעיוירט.
,,באָרשט... דעקן אָפּ די לײַוונט־שטיקער,
שוימען אָפּ וואָס האָט אָנגעיוירן פֿון אויבן,,, נס,
משפּחה מאַשבער II.
אָניוכען — טרוו ־כע אָן, ~געיוכעט.
וואויל.
יונגעריש. 1. אָנרייצן. אָ, עמעצן קעגן עמעצן.
2. מאַכן מע זאָל ווערן צעקאָכט, שטאַרק
אויפֿגערעגט, די יוכע זאָל זיך צעשפּילן. ,,ווער האָט
דיך אָנגעיוכעט? קאָך זיך ניט“. מיט ז י ך.

-

אָניום־טובֿדיק — [... יאָנטעוודיק] אַדי. וואָס
איז אָן שום יום־טובֿ. וואָכעדיקע, נודנע, אַזוינע
לאַנגע אָ'ע טעג.

-

אָניום־טובֿן — [... יאָנטעוון] יום־טובֿ אָן,
~געיום־טובֿט. אוטוו — יום־טובֿן אַ
לענגערע צײַט. אָ, עטלעכע מעת־לעת נאָך דער

רײ. טרוו — דורכפֿירן אַ פֿײַערונג צוליב
עפּעס. אָ, דעם סוף פֿון שוליאָר.
אָניורשימדיק — [... יאָרשימ...] אַדי. וואָס
איז אָן יורשים. אָ'ע אַרמעגנס וואָס גײען
-

אַריבער צו דער מלוכה.
אָניהסנען זיך — [... יאַכסענען] אוטוו. יחסן
זיך אָן, זיך ~געיחסנט. אַ סך, אַ לענגערע
צײַט זיך יחוסן, אַרויסשטעלן דעם בכּבֿודיקן
אָפּשטאַם. אָ, זיך מיט די רבנים אין דער
משפּחה. אויך אָניהוסן [ייִכעסן] זיך [בײַ אַ

אַני'ט

טייל ריידערס בײַטעם פֿון ביטול בײַם ווערב
אָניהסנען זיך, אָדער אָן שום ביטול בײַם ווערב
אָניחוסן זיך.]
אַני'ט — קאָנ. אַז ניט, אויב ניט, ווען ניט.
אין פֿאַל ווען (אויב) עס איז ניט אַזוי (ווי
עס ווערט אָנגעוויזן אין ערשטער העלפֿט פֿון
זאַץ אָדער פֿר ערדיקן זאַץ). „זאָלסט נאָך די
וואָך באַצאָלן, אַ, וועל איך אָנגעבן אין 'סוד'„.
“קומט שוין, אַ, פֿאַרשפּעטיקן מיר“. „וועט

זײַן בראַנפֿן מיט לעקעך? אַ, ווען מיר ניט
קומען,,. "איך וועל עס טאָן, איך זאָג צו, אַ,
מעג איך אַ כּפּרה ווערן,,. *אַ, זאָל מען מיך
פֿאַרשטאָפּן מיט קיט = (שפּאַסיק אָדער
אַרויסרופֿעריש) אויב ניט, אויב כ'וועל ניט טאָן,
ניט פֿאָלגן, קען מען מיר אויך גאָרנישט טאָן.
" אַ נס וואָס עס איז ווינטער, אַ, וואָלט

.

מען געדאַרפֿט צעברעכן (אײַנוואַרפֿן, צעוואַרפֿן)
דעם אויוון" . 138. ,,גוט וואָס איר האָט עס
מיר געזאָגט (דערציילט, מודיע געווען אע),
אַ, וואָלט איך ניט געוואוסט" פֿוול (מיט חוזק,

,

ביטול). ,,אַ, — איז גאָט באַהיט", פֿוול (אי
שפּאַסיק, אי ערנסט). "איך וועל... אויסקויפֿן
דעם בילעט נאָך פּסח, אַ, וועל איך אײַנצאָלן
פּראָצענט וויפֿל עס קומט", שע. ,,דער מענטש
דאַרף לײַדן, אַ, וועט די וועלט זיך טרינקען
אין בלוט און אין סם", יעקבֿ מאַרינאָוו [מינפּי
III]. ,,הייסע וואַנעס... מוזן דויערן זייער
קורץ, אַ, רופֿן זיי אַרויס אַ שעדלעכע
איבערוואַרעמונג פֿון קערפּער" פֿגעז, ווילנע 1928,

—

,

No 15. "אַ יי דיש ליד מוז פֿלאַטערן מיט

שליחות פֿון אונדזער אַלטן יחוס..., אַ, איז בלויז
אַ קינדערשפּיל פֿון גראַמען“, י. מאַניק, אַ
,

ייִדיש ליד,.

אָ'ניטשע — די, ־ס (געווייִנלעך במ). אויך:
אָ'נוטשע (←), אָ'ניצע. לײַוונטענע,
וואָלענע אָ'ס. אָפּבינדן אָדער אַרומכּינדן די אָ'ס.
אָ'ס אונטער די שטיוול אָדער פּוישטן. ,,דער
פֿראָסט קנאַקט. איבער די זאָקן וויקל אַרום
אָ'ס“. נעמען אַ שמאַטע און מאַכן דערפֿון אָ'ס.
“וואָס ווילסטו וויסן? נעם אַן אָ, און וויס
[= וויש]“ פֿוול, וורר. ,,נאָך דער שבֿעה.. נאָך
,
זיבן טעג זיצן אויף אַ קליין בענקל אין אָ'ס
אויף די פֿיס אַנשטאָט זאָקן“, ייִז,
דערציילונגען. “אָ לאַנד פֿון אָ'ס און טרוימען, ווי גרויס
איז דײַן שטראָף“, אַל II, 'ווינטער אונטערן
שניי, פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיקלעך דרוש,
שמאַ. —
טעס פֿון רמז, פֿון סוד, אָ'ס פֿון נוטריקון און
גימטריאות...“, דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע
.1881

אַניי, — (קלעזמער־לשון) דזוו נישטאָ. [פּויליש: ani; השפּעה פֿון ניין]. אַ, בּאַש = נישטאָ קיין געלט.

אַניי'ן — דזוו ניין. גאַליציע, פּר. גענוצט מיט אַ פֿרעג־אינטאָנאַציע. „אַ'? איר ווילט ניט קיין כּיבּוד?“. „'אַ', איר ווילט שוין ניט מער קיין טיי?'... מורא האָבּנדיק אַז מיר קאָנען חלילה זאָגן 'יאָ', האָט ער צוגעגעבּן: צו פֿיל טיי איז נישט געזונט“, מאַנ.

1584

אַניי'ן — אַרכ. ווMhd: hin־î1. דזוו אַרײַן.

-

„העט ער גזעהן רפֿאל אַ, רײַטין„, 'כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם„ 1669 [פּש III]. “האבּן זיך

-

גפֿארכטן איין וואָרט צו רידן דריין דאז מן זיא ניט יאָגט אין ווש̇ר אַדר אין □ײַאר אַניין„,
אַהרון בּר, יוסף, □איין שין נײַא ליד פֿון אובן„ פֿראָג תּמ“ח [□ □1937 ,□ .□]□(M]. „טוא אַ, פֿיר לויט רויזן זאַפֿט“, סור, כז/א. “... ווערט

קיין אונריינער מין [= מער] אַ, פֿאָרן... אונ,
ווערט נימר אַ, קומן„, מחזור שלש רגליס,
אַמשט 1713, קנט/א. „נאַם אים אין זײַן הויז
אַ'‘, ספֿר מע□tזה ה', אַמשט 1723, ג/ד. „די פּיס
אין שטאָק אַ, שליסן„...; „בישׂט מיט פּיסן
אין אבֿ אַ, גטרעטן‘‘...; ‘‘האבֿן זיא דען שופֿט
ווידר א, רופֿן לאָזן‘‘, אַ פּראָגער
פֿאַמיליען,

-

מגילה„ 1732 [ייִבל 1, XIII־□].
אָנייראָ□לאָגיע — די. < איי < גר [
אָנייראָס — אַלט־גריכישער גאָט פֿון חלומות].
דאָס אויסטײַטשן חלומות. ־מאַנטיע —
דאָס פֿאָרויסזאָגן די צוקונפֿט דורך אויסלייגן
חלומות. ־מאַ'נט — ווער עס פֿאַרנעמט
זיך מיט דעם. ־קריטיציזם — די קונסט
פֿון פּותר חלום זײַן ־קריטיק ־
קרי. .
טיש — אַדי.
אַני'ל — דער, ־ן. < איי < אַראַביש. (באָט).
1. אונטערמין פֿון דעם פֿאַרבן־געוויקס אינדיגאָ

(←). 2. פֿאַרבנשטאָף, טיף־בלוי, וואָס מע
באַקומט אַרויס פֿון דעם אַ־גערויקס.
אַנילין — דער. בא. (כעמיע) אָנקאָליריקע
איילע פֿליסיקייט וואָס צעגייט צום טייל אין
וואַסער [ ] (M 6). מע באַקומט אַרויס א,
-
פֿון ניטראָבענזין. געניצט אין פֿאַרבן־
אינדוסטריע. „אַ, איז אַ גיפֿטיקער קאָלירלאָזער 'אייל,
וואָס ווערט געל און [אַפֿילו] שוואַרץ... פֿון
לאַנג שטיין אויף דער לופֿט", ס פֿיינסטאָון,
.
כעמיע, נ"י 1920. „צו די קינסטלעכע פֿאַרבן
געהערן אַלע... וואָס זיינען ניטאָ פֿאַרטיק אין
דער נאַטור... זיי זיינען באַקאַנט אונטער
דעם נאָמען אַ־פֿאַרבן„, ש. שפּיראָ, קליידער
פֿאַרבעריי, וואַרשע 1900 אַ־בלוי ־יזס —
.
פֿאַרגיפֿטונג מיט אָדער דורך אַ'.
אָניללהן — [... יעלאָלען] אוטוו. יללה אָן,
~געיללהט. אַ סך, אַ לענגערע צייט שרייען,
וויינען. אָניאָמערן. אָ אַ פֿולן קאָפּ. אָ אַזוי
, ,
אַז עס פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ.
אַ'נימאָ — אַדי. (מוזט) באַלעבט, מיט האַרץ.

אַנימאַטאָ — לעבעדיק.

אַנימאָזיע — די, ־ס. אויך: אַנימאָזיטעט.
< איי < ל. ווידערווילן, פֿײַנדלעכקייט. „די
אַ'ס זײַנען גיכער געווען דער פּועל־יוצא פֿון
קלאַסן־קאָנפֿליקטן ווי פֿון נאַציאָנאַלע
קאָנפֿליקטן“, ייִבל 296 ,II □ XI □

אַנימאָטיזם — דער. בא. < איי < ל.
גלייבעניש אַז אַלץ אין דער נאַטור איז
באַלעבט. □.. אַנימיזם.

אַנימאַ'ל — אַדי. וואָס איז שייך צו, איז פֿון
אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש. אַ'ע נערוון־סיסטעם.
אָ'־פֿעטס. „אין דעם אַ'ן פּראָטעאין, ווי פֿריש

אַני־מאַמין

פֿלייש... געפֿינט זיך עפּעס וואָס איז ניצלעך
פֿאַרן קערפּער“, דר, י. מעריסאָן, היגיענע. אַ'ע
ר ע ש ט ן — (פֿאַרשטיינערטע)
איבערבלײַבענישן פֿון בעלי־חיים וואָס מע געפֿינט אין
טיפֿערע שיכטן פֿון דער ערד ־קייט.

.

אַנימאַ'ל — דער, ־ן, ־ס. < איי < ל. 1.
לעבעדיקע זאַך וואָס איז בכּוח זיך אַליין צו
באַוועגן. בריאה, בעל־חי. „אַלע אַ'ן, חיות,

אויך שטוביקע באַשעפֿענישן“, ייִט, פוילן II י.
2. בהמה, חיה — להיפּוך צום מענטש.
אַנימאַליזירן — טרוו. ־זיר, אַנ מאַליזירט.
ְ
1. אויפֿוועקן חיהשע געפֿילן. ברוטאַליזירן. „די מלחמה וועט אַ, די גאַנצע יוגנט“. 2. פֿאָרשטעלן אין אַן אַנימאַלער פֿאָרעם. אַ, אין פֿאַב... לען שטריכן פֿון מענטשלעכן כאַראַקטער.
־ונג.
אַנימאַל יזם — דער, ־ען פֿאַרהערלעכונג,
.
קולט פֿון אַ פֿאַרהייליקטן בעל־חי. ־יסט.
—יש — אַדי. „... פֿליסט אַרויס פֿון מענטשלעכן און אַ'ישן אינסטינקט“, אַ. גאָרדין, פֿאַש, 17 1951 III. „אַן אַ'ישער פּחד אָטעמט פֿון יעדער שפֿאַרונע“, מאַנ, נאָענטע געשטאַלטן.
אַ'ישער מאַגנעטיזם ־־ קראַפֿט צו היפּנאָטיזירן, צו באַצווינגען אַ צווייטע פּערזאָן אָן אָנוועדן פֿיזישן כּוח ־ישקייט — “ער האָט געהאַט
.
אין זיך בהמישקייט, חיהשקייט, די גאַנצע אַ'ישקייט פֿון אַ צוריקגעשטאַנענעם מענטש“, ייִט, טאָג, 28 1957 XII. אויך: ־יטע'ט.

אַנימאַלקול — דער, ־ן. גאָר קליין, מיקראָסקאָפּיש באַשעפֿענישל.

אַני־מאַמין — [... ־מאַאַמין] דער, ־ס. 1. ,איך גלייב'. די ערשטע צוויי ווערטער וואָס חזרן זיך איבער אין אַלע דרײַצן עיקרים — באַזירט אויף דעם רמבמס פֿאָרמולירונגען — וואָס מע זאָגט אינדערוואָכן נאָך שחרית [די אַני־מאַמינס זײַנען: א) אַ בורא־עולם וואָס פֿירט די וועלט; ב) אַחדות־הבורא; ג) מע קאָן גאָט ניט משׂיג זײַן מיט גשמיותדיקע פֿאָרשטעלונגען; ד) גאָטס נצחיות, אייביקייט; ה) נאָר ער אַליין איז ראוי מע זאָל צו אים מתפּלל זײַן; ו) די רייד פֿון די נבֿיאים זײַנען אמת; ז) משה רבינו איז געוועזן דער אַבֿי־הנבֿיאים; □) □ תּורה איז מסיני;
□
ט) די תּורה וועט קיינמאָל ניט געביטן ווערן; י) גאָטס אַבסאָלוטע וויסיקייט; יא) שׂכר ועונש; יב) ביאַת־המשיח; יג) תּחית־המתים.]

אַ, מ, באמונה שלמה — ,איך גלייב מיטן פֿולן גלויבן'. ,,אַ, מ, ב, ש, אַז אַלע מיני יסורים... באַטרעפֿט אַלצדינג ווי גאָרניט אַקעגן דעם תּענוג פֿון דבֿיקות אלוקותך,, [אַ בראַצלעווער חסיד רעדט צו זײַן בורא], צײַט,

טמז, 29 5 ◻19 I.

2. דאָגמע בכלל. גרונט־פּרינציפּ◻ פּאָליטישער אַ־מ'. נאַציאָנאַלער אַ־מ'. רעוויזיע פֿון אַמאָליקע אַ־מ'ס. „ווען ער זאָל ניט געווען גלייבן... אין דעם אַ־מ', אַז 'אַ טאַטע ווייס, — וואָסזשע וואָלט געוואָרן חלילה פֿון זײַן ביסל ייִדישקייט?“, ממוס, ווינטשפֿ. „... ... ווען צווינגען די ייִדישע סאָציאַליסטישע וועלט איבערצוקוקן אַ סך פֿון אירע אײַנגעפֿונדעוועטע אַ־מ'ס“, זשיט

אַנימיזם

IX, נ„י 1919. „ער האָט אין אָטאָ דעם ווערק געזען דעם שפּיגל פֿון זײַן מאָראַלישן אַ־מ„„, ייִט, ,דער בריוו צו נאָוואַטוסן'. „אין 'אורח נטה ללון'... זאָגט עגנון אַרויס זײַן קינסטלערישן אַ־מ'„, צײַט, צוק, דעצ, 1966.

3. קידוש־השם־געזאַנג אין די יאָרן פֿון אומקום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. „אַ־מ, — איך גלייב אַז דאָס גיט ער מיר גיהינומס ניטגעדאַכטע / ווײַל ערגעץ האָט ער ניט־געדאַכטע גן־עדנס פֿאַר זײַנע געשלאַבטע„, צײַט, לידער פֿון חורבן און לידער פֿון גלויבן. אַ, מ, ב ב י א ת ה מ ש י ח — „ייִדן זינגען אין די

בונקערס. אַ, מ, בָ, ה, אף על פי שיתמהמה אַ, מ'.
ער וועט קומען סײַ פֿון דאָרטן, סײַ פֿון הי /
ער וועט קומען, ער מוז קומען, אַ, מ, / פֿרעגט
ניט קיינעם פֿרעגט ניט קיינעם ווען און ווי,,,

,
הל.

אַנימי זם — דער, ־ען. < איי < ל. שיטה, גלייבעניש אַז אַלץ וואָס עקסיסטירט אין דער נאַטור, די וחות בֿון דער נאַטור, די נאַטור גופֿא האָט אַ נשמה. העכערע מדרגה פֿון אַנימאַטיזם (←) ־זירן — טרוו. ,,דער פּרימי.

טיוועך מענטש האָט 'פֿאַרמענטשלעכט, (אַ'זירט) די וועלט (אָדער נאַטור), זעענדיק אין איר זײַנע אייגענע מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן,,, פּ. שניאורסאָן, מענטש־וויסנשאַפֿט, נ,,י 1930.

אַנימירן — טרוו. ־מיר, אַנימירט. < איי < פֿר. 'באַלעבן,. 1. אויפֿמונטערן, אינספּירירן אַ, דעם עולם מיט באַגײַסטערנדיקע ווערטער. ,, דיזוש... וועלכש מי]ך אַנימירט האטי היר בײַא דרוקן צו לאזין...", ר, אַבֿרהם בר, מאדיל סג,,ל מאיטינגין, שהיה מלמד בק,,ק האנ, מערכת אבֿדהם פֿיורדא תּקכ"ט [1769].

,

2. משפיע זײַן, ▯.טרײַסן. ,,ניט פֿיל גיפֿעלט
העט אַלז יוסף ווער אַנימירט גווארן פֿון זײַן
▯ הערנשׂ פֿרויא, וועו ניט קומן ווער דיא צורה
פֿון יעקבֿ אונד גיזאגט דשׂ אין קינפֿטיג זײַן
אבֿן אין אפֿוד ניט לײַכטן ווערט וועו ער זולכישׂ
בּאַקסירט,,, ר, ▯וסף דאַרמשטאַדט איבּז, ר, משה
אָלשיך, תורוו משה, קאַרלסרוע 1770.
אַני מלאה הלכתי — [... מלייאָ האָלאַ'כטי]
זאַץ. < רות, א, 21. 'אַ פֿולע בּין איך אָרויס▯
געגאַנגען'. [צווייטע העלפֿט: ,,וריקם השיבֿנו
ה',, — און ליידיק האָט מיך גאָט אומגעקערט;
דאָס האָט געזאָגט נעמי צו די אײַנוואוינערס פֿון
בּית־לחם.] געניצט מיטן בּ: אַלץ געהאַט און
אַלץ פֿאַרלאָרן, אָלץ פֿאַרשפּילט.
אַנימע'־גומי — די. גומי פֿון בּוים אַנימע
וואָס וואַקסט אין טראָפּישער אַמעריקע, געניצט
בּײַם מאַכן פֿאָקאָסט פֿערנעץ.
—
,
אַנין־הדעת — [... האַדאַאַס] דער, מצ:
אַניניה, [אַניניי־...]. < פּסחים, קיג/ב.
פֿײַנפֿילנדיקער, סענסיטיווע▯ איסתּניס, מפֿונק. ‘‘,דאַס
טעמאַ, — די אַ'י־ה, אין דײַטשלאַנד פֿלעגן

אַמאָל אַזוי אָנהופֿן די ייִדן־פֿראַגע,,, גרינ,
... טאָגבוך. ,,די טראַגעדיע פֿון אַלע אַ'יי־ה,
אויף וועלכע מע האָט שוין מקדמונים געזאָגט,
אַז תי□הם אינם □חיים“ [הרחמנין והרתחנין ואַ'־
ה'], י. ה□עלעס, צוק, יולי־אויג, 1964.

1585

אַנינות — [אַנינעס] די. <סנהדרין, מו/ב.
צושטאַנד פֿון אוֹנן (← 807), וואָס אויף אים
זײַנען חל געוויסע איסורים. ,,ער מוז זיך
מקדים זײַן פֿר דען מקום צוגין דשׂ ער עט וואז
בּשטעלט (לצרכי המת), היבּט זיך זײַן אַ, מ□ד
אַן“, ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים, תּקנ,,א, כז/א.
.

אַנינ□יזם — דער. < אַני, = איך. שפּאַסיק.
דאָס כּסדרדיקע אַרויסהייבּן דעם אייגענעם איך,
דאָס שטענדיקע זאָגן: איך, איך (אַני, אַני).
קלינגט ווי אָנאַניזם (←). ־יסט□

אַני'ס — דער, ־ן. אויך: עני'ס, אייניס.
< איי < ל, גר. אייניאָריק
געוויקס פֿון וואַרעמען
קלימאַט. ווערט קולטיווירט

או מעטום, ספּעצ צוליכ די אַ,־
קערנער, אַן אַראָמאַטיש
געווירץ וואָס ווערט אַ סך
געַ־ ניצט בײַם באַקן, קאָכן אאַ.
אויך ווי אַ היילמיטל אין דער
פֿאָלקסמעדיצין. Pim]pinella anisum.
“אויך אַזוי איז דער דין פֿון עניס אָדער
קימל, אַז מע האָט זיי געפּרעגלט אין האָניק
אָדער אין צוקער, איז אויך דער האָניק אָדער
דער צוקער אַן עיקר... באַדאַרף ער דרויף
ניט צו מאַכן נאָר שהכל“, איבּז, הרבֿ ש. ז.
שניאורסאָן, ספֿר בּרכות הנהנין, וואַרשע 1874.
פֿר שווינדל מ[אַ]ך איין ראַך [= רויך] פֿון
„
אַניז און, הלט דען קאָפּ דריבּר, אַך זאָל ער
אָפֿט קײַאן עניז און, שפּײַאן און, אין אַל זײַן
עשׂן עניז טון,,, ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II,
קיטן תּע“ז, ס'.
אַ'־ז אָ מ ע ן. אַ'־ט ר אָ פּ נ ס. אַ'־א יי ל ,
אַ'־פּ ו ט ע ר — אייל פֿעטס וואָס מע באַקומט

'
אַרויס פֿון קערנער סון אַ', געניצט אין שפּײַז

און אין דער מעדיצין. ״דערלויבטע געווירצן
[בײַ טובערקולאָז]... וואַניל, צימערינג, אַ'.. ,,,
פֿגעז, ווילנע 1930, No9.   אַ'־ב ר ו י ט — אַ
סאָרט קוכן געבאַקן אויף פֿעטס פֿון אַ'־קערנער.
אַ'־ק י כ ל

אַניסאָווקע — בראַנפֿן פֿאַרפּראַוועט מיט אַניס. אַניס־בראַנפֿן.   אַניסע'ט — ליקער מיט אַניס.

אַניסאָ־ — > גר. ב: אומגלײַך. אין אַ צאָל אינטערנאַציאָנאַליזמען. דוגמאָות: אַ' דאַקטיליש — וואָס האָט אַן אומגלײַכע צאָל פֿינגער. אַ'טראָפּיש — וואָס האָט אומגלײַכע פֿיזישע אייגנשאַפֿטן לויט פֿאַרשיידענע אַקסן. אַ'־מעטראָפּיע — אומגלײַכקייט פֿון די אויגן בײַם רעפֿלעקטירן ליכט. אַ'מעריש — וואָס האָט אין די בלומען אומגלײַכע טיילן.

אָניסורימען זיך — [... יעסורימען..] אוטוו. יסורים זיך אָן, זיך ~געיסורימט.   אָנלײַדן זיך אַ סך יסורים, ווייטיקן. אָ, זיך נאָכן פֿאַרלירן דעם מאַן און דאָס איינציקע קינד.

אַניע, — זוו פֿטמ. וורר. געניצט נאָר אין רעדן.
.
ניין, אינגאַנצן, לחלוטין ניט. ,,אַ', ניט בײַ מאָטיען. בײַ מיר וועסטו עס ניט פּועלן,,. ,,פֿאַר

אַזאַ מקח? אַ'! זאָל עס בעסער פֿאַרפֿוילט
ווערן“.

אָנירושהדיק

אָניעגערן — טרוו ־ער אָן, ~געיעגערט.

נעאָל. אויפֿטאָן עפּעס מיט געיעג, יעגערײַ.
„... וואָס דער ייִד האָט אָנגעיעגערט מיט זײַן
זוכנדיקער נמרוד־ביקס„, יג, טמז, 8 1963 III.
אָניעזשען — טרוו. ־זשע אָן, ~געיעזשעט.
פּר. צושערן ווי בײַ אַ יאָזש, קורץ, אויף
אַרויף און שטעכיק. אָ, די האָר.
אָניענטען — אוטוו & טרוו. ־טע אָן, ~
געיענטעט. אָנריידן זייער אַ סך, אָנטענהן זיך, ווי
אַ יענטע. אַרײַנקומען אויף אַ ווײַלע און אָ,
אַ גאַנצן אָוונט.
אָניערן — ← אָניוירן. „האָבן די עלטערן ניט
געקאָנט זיך פֿאַרזוימען ביז זייער טייג זאָל
אָ, און באַקן ברויט“, סשי I, ק..
אָניצע — ← אָנוטשע, ← אָניטשע. „גיב אים
גאָלד — ווערט דערפֿון אָ'ס„, פֿוול.
אָניק — דער, ־עס. שפּאַסיקע
פֿאַרגרעסערפֿאָרעם פֿון אייניקל. דזוו אוניק, ← 806.

,,אַן
עם־האָרץ גרייסט זיך אַז ער איז אויך אַן אָ',,
(← אייניקל).   .
אָניק — דזוו אָגניק (← 29), אויך: אָהניק
(← 57). ספּעצ בלאָטערלעו בײַם ברענ ליפּ.
,,אַז עס האָט זיך מיר געמאַכט לישײַעס
מיט... אַן אָ, האָב איך מיך ניט געלאָזט
אָפּשפּריצן בײַ דעם קאָוואַל (דאָס איז דערצו גאָר
אַ רפֿואה בדיקה),,, דער אַקציזניק, זשיטאָמיר
.18▯8
אָ'ניקל — דער, ־ס. אויך: אָניקס,
אָניקלשטיין. < איי < גר. איידלשטיין פֿון דער
גרופּע אַגאַטן וואָס האָט טונקעלן קאָליר אָדער
גאָר שוואַרץ. טוו פֿאַר 'שוהם, (בראשית, ב,
12; שמות, כה, 7 און בח, 20), ▯ב, מלל, באר
משה, תּי. [אָ, איז געווען איינער פֿון די צוועלף
שטיינער אין חושן־משפּט פֿון דעם כּהן־גדול.]
,,דא ציהט ער אויש זײַן בוזים איין קאָשׂטליכר
אידל גישטיין, איין אוניקיל,,, יוסיפֿון, פֿיורדא
1764. ,,[יוסף] איז גישריבן גיוועזן אויף איין
אוניקל, אונ, די סגולה פֿון דעם אבֿן טובֿ איז
מן הוט גרושׂן חן דר פֿון אין לײַטן אויגן,,,
צא▯נה, תּצוה. ,,... יוסף העט אויף דעם חושן

איין שטיין דען נענט מן איין אניקל, דרום
וואַר זײַן בּאַניר אַך גאַנץ שוואַרץ אונד טונקל,,,
ר, יעק□ בּר, יצחק סג״ל ש״ץ דק״ק ריטלזיא,
קהלת יעקבֿ, פּראָג 1763. ,,אין די גרויסע
וואַזעס פֿון אָניקס זײַנען געוואַקסן הויבּע
פּערסישע בּלומען,,, י. דאָבּרושין איבּז, אַנאַטאָל
פֿראנס, טאַיִס, מאָסקווע 1937 פֿון אויבּן, אין
—
,, .
מיטן בּאַלקן הענגט אַ מנורה פֿון אָניקס וואָס
צעגיסט שטראַלן פֿון ליכט״, א. מרגליות,
אַמעריקאַנער, 8□1958 III.
אַני'קשט — גנ. שטעטל אין ליטע□
אויסאַרבּעטונג פֿון וואָליקעס. אַ צאָל אַ'ער זײַנען
געווען פּליטן־טרײַבּערס אויפֿן ניעמאַן. צו□
נעמענישן: אַ'ער בּעלי־גאווה, אַ'ער וואָליקעס,
אַ'ער בּלינצעס, אַ'ער קאָנאָקראַדניקעס, אַ'ער
□ קאָנדזשאָרטניקעס.
אָנירושהד□ק — [... יערושעדיק] אַדי. וואָס
האָט ניט, קען ניט איבּערגעבּן קי□ן ירוש□.

אַני'שט

אַן אָ'ע בּאַוועגונג. ,,בּאַשטייט בּלויז פֿון קאַלטע,

פֿרעמדע, אָ'ע ווערטער,,, שנ, שרײַבער אין סאָוו'־רוסלאַנד. ־יקייט.
אַני'שט — דזוו אַניט ←. פּד אוקר. [אָפּטער אַרויסרייד: אַני'ש]. ,,אַ, — באַדאַרף מען נישט" פֿוול פֿייגעלעך פֿייגעלעך זיסע, /

פֿליט אַהין צו מײַן חתן אין תּפֿיסה... אַ, מאַכט אים לויז פֿון די תּפֿיסה", פֿל ['ליבע־לידער פֿון גנבֿים,, פֿש I]. ,,עס איז שוין צײַט, ער זאָל ווערן אַ מענטש צווישן מענטשן, אַ, ווערט ער אַלץ פֿראָסטער", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. "די גאַנצע באַנדע האָט מיך אונטערגעקויפֿט מיט דרך־ארץ, אַ, וואָלט איך צעריסן געוואָרן אויף שטיקער", וו .ס, דאָס שטעטל. "... אַני'ש וואָס האָבן זיי געדאַרפֿט בײַ...?", עוזר וואַרשאַווסקי, שמוגלאַרעס
אַני שלמה — < גיטין, סח/ב; תנחומא, אַחרי מות, ב. 'איך בין [קעני] שלמה'. 1. רוף, געשריי פֿון איינעם וואָס זאָגט דעם אמת וועגן זיך אָדער זײַן מצבֿ, אָבער קיינער וויל אים ניט גלייבן. [באַזירט אויף דער אַגדה, אַז אַשמדאַי האָט פֿאַרוואָרפֿן שלמה המלך אין אַ פֿרעמד לאַנד. און דער קעניג, אָנגעטאָן וו אַ
י

בעטלער, איז געגאַנגען איבער די גאַסן און האָט געשריגן אַ, ש', אָבער קיינער האָט אים ניט געוואָלט אָנערקענען.] „ער וואַנדערט, פֿאַרהונגערט, פֿאַרשמאַכט, שרײַט אַ, ש,! ווער גלייבט אים? מען לאַכט", פּרץ, 'כּסא שלמה'.
*גיי, שרײַ — אַ, ש'! = שרײַ חי־וקיים, ס'וועט ניט העלפֿן. כאָטש שרײַ אַ, ש, = קיינער גלייבט ניט. "אַ, ש, שרײַ, אַז קיין געלט איז ניטאָ דערבײַ,,, שוו. [= ס'העלפֿט ניט קיין יחוס אָדער אויפֿטוען אויב עס פֿעלן די קלינגערס.]
2. אויסדרוק פֿון תּקיפֿות, אָנזען, חשיבֿות.
אַ'־ש'דיק — אַדי. בשײַכות מיט אַן אויטאָריטעט וואָס מע האָט אַליין גענומען.
אנכּה"ג — ר,,ת פֿון: אַנשי כּנסת הגדולה (←).
אָן כּוונה — [... קאַוואָנע] פֿראַזע 1. וואָס איז אָן (אַן) אויסרעכענונג, מיין, אָן אַ ספּעציעלן ציל. ניט (גע)פּלאַנירט. טאָן עמעצן אַ טובֿה אָן כּ.. באַליידיקן עמעצן אָן כּ'. „און ווען אים איין מצוה קומט אַן (כּוונה) זאַל ער זיך פֿרייאַן און זאָל גאָט לויבן,,, ספֿר חסידים, רוסלאַנד? תקז?, סימן קנה, 7.
2. אָן עכטער איבערלעבונג. גלײַכגילטיק. אָן האַרץ. אָן איבערגעגעבנקייט. טאָן עפּעס אָן כּ.. „ווען די תּפֿלה איז אָן כּ, און, ווערט

פֿאַר מישט מיט פֿרעמדי מחשבֿת   פֿר טרייַבט
...
זיא דר מלאך סהדיאל פֿון די טיר פֿון היכל,,,
קה פֿיורדא 1743, י/א. ,,ווען מן זאָגט איין
,
תפֿלה אוני כּ, איז גלײַך אַלץ איין גוף אוני
נשמה", עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, פֿפֿדמ
תּמ"ה?, נ/ב. ,,[די שוחטים] הבּן קיין כּוונה
אויף בּדיקות החלף אונ, פֿאָרן גאַר הין אונ,
אַהער מיט דעם פֿינגר אויף דעם חליף אַן כּ'",
עח, כ/ג.
אָנכּוונהדיק — אַדי. "אָ'ער ציניזם",
אָרהם שולמאַן, אויפֿן שוועל, נ,,י 1961.
־יקייט.

1536

אָנכוהדיק — [... קויאַכ...] אַדי. וואָס איז
אָן (האָט ניט קיין) כּוח; וואָס די כּוחות האָבּן
זיך אים אויסגעלאָזט. ,,.... האָבּן זיך אָ,
אַרײַנגעוואָרפֿן אין די... ווייכע פֿאָטעלן", בּרוך
גלאַזמאַן, שטיינוועבּס, מאָסקווע 1925. ־יקייט.
אויך: אָנכּוהותדיק. ־יקייט — "יענע
אָ, וואָס איז זי דאָרטן... בּאַפֿאַלן,,, א.

שעכטמאַן, ער

אָנכוסען זיך — [... קויסען...] אוטוו. כּוסע זיך אָן, זיך ,געכּוסעט. אַרײַנקערן אין זיך אַ סך כּוסות. זיך (גוט) אָנשיכּורן. „אָ, זיך און זיך לאָזן וואוילגײן".

--

אָנכזבנען — [... קאַזוועגען] טרוו כּזבן אָן, ,געכּזבנט. אָנבראָקן, אָנהאַקן אַ סך ליגנס. אָ, פּאַר די חבֿרים ניט־געשטויגנס, ניט־געפֿלויגנס. אָ, ווילדע גוזמאָות.

--

אָנכיזובן — דזוו אָנכּזבֿנען.

אָנכינימדיק — אַדי. וואָס איז אָן (האָט ניט קײן) כּינים, לײַז. "וועסט דאָ ניט געפֿינען קײן אָ'ן געלעגער".

אָנכּיסלערן — טרוו. כּיסלער אָן, ,געכּיסלערט. (גנבֿים־לשון) אַ סך אָנגנבֿענען.

אַרויסציִען בײַ עמעצן פֿון קעשענע. אָ, זייגערלעך.

-

אָנכישופֿן — טרוו. כישוף אָן, ~געכישופֿט.
אַרויסברענגען דורך כישוף. אויפֿטאָן,
דערגרייכן עפּעס מיט (דורך) מאַגישע מיטלען. אָ,
גילדענע רענדלעך, ווײַן פֿון דער וואַנט. ,,איך
ווייס — ס'איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען די מאָדע
פֿון אָ, גליק,,, הל, 'לידער צו אַ ווײַטן פֿרײַנד'.
אָנכעסן — [... קאַ אַסן] טרוו. כעס אָן, ▯..,
גע,

כעסט. אַרײַנברענגען עמעצן אין כעס. אָ,
דעם גבֿיר פֿון שטעטל. מיט ז י ך.
אָנכפֿלען — [... קייפֿלען] טרוו. כפֿל אָן,
~געכפֿלט. אַ לענגערע צײַט כפֿלען,
מולטיפּליצירן. אָ, און זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין די
חשבונות.
אָנכשרן — [... קאַשערן] טרוו כשר אָן,
~געכשרט. אַ סך, אַ לענגערע צײַס כשרן,
כשר מאַכן. אָ, פֿלייש (הינער, גענדז) ווי פֿאַר
הונדערט מחותּנים.

אָנכּתבֿ(ע)נען — [... קאַסווענען] טרוו
כּתבֿע, כּתבֿן אָן, ~געכּתבֿעט, ~געכּתבֿנט.
איר. אָנשרײַבן אַ סך, איבער דער מאָס און
ניטגעראָטן. „ער שרײַבט, ער האַלט אַ גאַנצן טאָג
אין איין שרײַבן... דאָ ניט לאַנג איז ער
זיך מישבֿ און כּתבֿעט אָן אַ גאַנצע מגילה„,,
אליהו בראָנבערג, אָציקלאָצער בריוועלאַך, לוצק
1927. "וואָס ער האָט וועגן זיך אָנגעכּתבֿנט זאָל
איין גאָט שומר ומציל זײַן!", שלמה
ראָזענבערג, אַמעריקאַנער.
אָנכּתיבֿה(נע)ן — דזוו אויסכּתיבה(נע)ן ←,
.258

אָנכאָוועו — טרוו ־ווע אָן, ..„געכאָוועט.

.

1. אָנהאָדעווען. אויפֿברענגען. דערציִען אַ צאָל.
אָ אַ חבֿרה לאָבוזעס. אָ אַ שטובֿ מיט קעץ

און הינט. 2. אָנפּאַשען. אָנקעכלען.
אָנפֿיטערן. אָ, די טראָמבעניקעס. ־עניש.

אָנכאַן

אָנכאָכאָטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך אָן,

זיך י.,געכאָכאָטשעט. סל. זיך אָנלאַכן משונה־ווילד און הויך אויף אַ קול.
אָנכאָל(י)ערען — טרוו ־רע אָן, ~ געכאָ.
ל(י)ערעט. 1. אָנשמוצן. אָנחזירן. פֿאַרפֿעסטן פֿאַרכאָליערען. אָנטראָגן באַצילן פֿון
.
אַן אַנשטעקיקער קראַנקייט. אָ, דעם גאַנצן באַראַק. 2 פֿיג. אָפּטאָן חזירײַ; מיאוסע
.
שטיק. ברענגען צרות. דער מסור האָט אָנגע כאָליערעט און מ'האָט אַרעסטירט אַ האַלבע שטעטל ייִדן.
אָנכאָמכען — דזוו אויסכאָמכען ←, 259.
אָנכאָנטען — דזוו אויסכאָנטען ←, 259.
אָנכאַפּ — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנכאַפּן. אָנגרײַף. אָ, פֿון דער פּילקע. אָ, פֿאַרן קאַרק, פֿאַר דער האַנט. 2. פֿלוצעמדיקער און שטאַרקער ווייטיק. אַן אָ, אין בויך. 3. פֿלוצעמדיקער (און קרומער) געדאַנק פֿאַרגלײַך. 2ל
,
אַן אָ אַ ביסל (אַ משל!). 4. אַ בייזער סוף.
,

דרייזין וובּ.
אָנכאַפּן — טרוו. כאַפּ אָן, ~געכאַפּט. 1 פֿלינק
.
אָננעמען, אַרײַננעמען, אַרומכאַפּן עפּעס (עמעצן)
מיט אַ האַנט אָדער מיט בּיידע הענט, אויך
מיט אַ מכשיר, אינסטרומענט — און עס (צו)־
האַלטן. אָ, די פּילקע. אָ אַ פֿייגעלע. אָ, די קאַץ
,
פֿאַרן עק. אָ אַ פֿיש מיט אַ ווענטקע. אָ, דעם
,

-

גנבֿ פֿאַר דער פֿאָלע און אים ניט אָפּלאַזן. אָ,
דאָס צעשפּוזשעטע פֿערד פֿאַרן צוים. אָ, דעם
שטריק און זיך אַרויפֿצִיִען אויפֿן שפּיץ בּאַרג.
אָ, אַ קראָליק פֿאַר די אויערן. "זי האָט אים
אָנגעכאַפּט, האָט אים אַ קוש געטאָן", מס, משלי
תּקע"ד, ז, 13. „האָבּ איך אים געפֿרעגט וואָס
פֿאַר אַ ווינט קאָנסטו אָ, מיט די הענט„, נחבֿ,
'מעשׂה מהז, בּעטלירס,. „,... האָט איר
געהייסן... אָ, די פֿערד בּײַ די צוגליעס און זאָל
[די קאַרעטע] ניט לאָזן פֿאָרן ווײַטער", נסים

ונפֿלאות, אָרט? יאָר? פֿיג. „ער האָפּט נאָך צו ווערן רײַך, ווי אַמאָל. ער וועט נאָך אָ, דעם גאַרטל פֿון גליק“, מ. דלוזשנאָווסקי פֿאָר,

,

.XII 19 7 25

אָ, גאָט פֿאַר (בײַ) די פֿיס (בײַ דער באָרד) =

זײַן פֿול מיט גאווה און תּקיפֿות (מיינענדיק אַז מע וועט שוין שטענדיק זײַן מזלדיק). אויך: אָ, גאָט בײַ די פּאָלעס. „האָט געמיינט זי האָט מחילה גאָט בײַ די פֿיס אָנגעבאַפּט“, יאַ, שטערנטיכל. „נישקשה, איר האָט נאָך גאָט פֿאַרן באָרד אויך ניט אָנגעכאַפּט, איר וועט נאָך אײַנגעזונקען ווערן מיט דער שטוב ווי קורח„, דער יודישער פֿאַר פסח, וואַרשע 1881.

אָ, בײַם נאָפּל (בײַם פּופּיק) = א)

אַרײַנ

טרעפֿן אין פֿינטל אָרײַן; ב) ניט אָפּלאָזן; צודריקן צו דער וואַנט. אָ, בײַ די לינקע לעבער = אָנטאָן צרות. *אָ, בײַ דער צונג = אַרויפֿצווינגען צו דערציילן דעם אמת.

2. (מיט אָדער אָן כּוונה) אומגעריכט אַ כאַפּ

טאָן. אָנגרײַפֿן און זיך אײַנקלעמען,
אײַנקלאַמערן זיך אין עמעצן, אײַנטשעפּען זיך (בײַ אַ
געשלעג, פֿאַרמעסט). אָ, עמעצן און רײַסן פֿון
אים שטיקער. אָ, פֿון הינטן אָרומעט און

אַוועקאָנכאַפּן

לייגן אויף די לאָפּאַטקעס. אָ, דעם קעגנער אין
אַ □שלאָס, (בײַ אַ פֿראַנצייזישן צווייקאַמף). אָ,
פֿון הינטן מיט ביידע □הענט דעם קאָפּ און
דריקן. אָ, דעם כוליגאַן און אָנברעכן די
ביינער. אָ, פֿאַר די האָר, טשופּרינע. ,,סאַרוואָס
-

הינט האָבן געהאַווקעט, געבילט, זי אָנגעכאַפּט,
געביסן? — דאָס איז כּלל ניט צום פֿאַרשטיין,,,
ממוס, ספֿר הבהמות. ,,האָט ער אַ געשריי
געטאָן: עוכר ישׂראל... און אָנגעכאַפּט אים בײַם
קאָלנער און אָרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב,,, פּרץ,
פֿאָלקסט, געשיכטן. ,,און כאַפּ דיר אָן איינעם
פֿון די יונגען און נעם דיר זײַן אויסטו,,, תּי,
שמואל ב, ב, 21. □—. איז זי מיטאַמאָל
צוגעלאָפֿן צו אים און אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ לאַץ

— האַ, — וואָס שווײַגסטו? פּאָדליעץ דו...,,,
אָפּאַ, היבּרו.
*אָ, פֿאַרן האַלדז (גאָרגל, גרגרת) = אויך:
מיט פֿאַלשקייט, שאַנטאַזש, צווינגען, צודריקן
עמעצן; אויספּרעסן. אומגליקלעך מאַכן.
3. כאַפּן אַ סך, אַ גרעסערע צאָל. אָ,
פֿלאַטערלעך מיט אַ נעץ. אָ, מײַז אין (מיט) אַ פּאַסטקע.
אָ, פֿליגן מיט א 'מוכאָלאַפּקע'. ,,כאַפּט אָן די
-

▯ ▯

פֿערד... סירט זיי אַריבּערן שאַנץ,,, הערצל
אָפּשאַן, בית י▯ראל — וויזשניצער רבי'ס הויף,
סיגעט 1933, ז, 41. "מיר פֿאַרוואַרפֿן נעצן,
כאַפּן אָן פֿיש, קאָכן אָפּ, פּרעגלען אָפּ און
פֿאַרטרינקען מיט אַ גלעזעלע", רעד, אַקש, דאָס
געזאַנג פֿון די פֿעלקער, מאָסקווע 1939.
4. אָנבּאָרגן און ניט אָפּצאָלן. אויף אַ
שווינדלערישן, ניט־כּשרן אופֿן אַרײַנקריגן עפּעס
פֿון (בּײַ) אַ צאָל. אָ, געלט מיט פֿאַלשע
הבֿטחות צוריקצוצאָלן. אָ, גמילות־חסדימלעך פֿון
דער גאַנצער שטאָט. אָ, בּײַ קרובֿים, בּײַ שכנים
און בּײַ ועמען ניט? ,,האָט געמאַכט אַ גרויסן

אָנזעץ... אין דעם געפֿינען זיך אַ סך
אַלמנותע, יתומישע, אָרעמע בלוטיקע געלט,
וואָס ער האָט אָנגעכאַפּט, אָנגעלײַען,,, ג. ח
לעוונער, דיא פֿאַלשע חתן כלה, ווילנע 1897.
,,איז אויסגעבערעגנט געוואָרן בֿיז צום העמד,
האָט איבעראַל אָנגעכאַפּט און נישט אָפּגעגעבן“,
ז מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג II,
טאַרנאָוו 1925 פֿאַר אָט דעם אַלעם [עסן,
— . ,,...
שלאָפֿן] וועט ער צאָלן ניט מיט די
גמילותחסדימדיקע 25ער וואָס ער האָט... '
אָנגעכאַפּט', נאָר מיט די קופּאָנעס,,, בערג, 'יוסף
שור,.
5. אָפּשטעלן פֿאַרהאַלטן עמעצן כדי צו

-

,
דערגיין, אויסגעפֿינען עפּעס. ,,און עס וועט
קומען אַ צײַט, ווען זיבן וועבער וועלן אָ, איין
ברויטגעבער און בעטן זיך: גיב אַרבעט,
גיב...,,, פרץ, 'וועבער־ליבע'. ,,אַז איר וועט
אָ אַ כתרילעווקער און אַ פֿרעג טאָן אים: וויפֿל
,

אַשטייגער פֿאַרמאָגט...,,, שע.

6. דריטפערזאָניק. וועגן אַ נאַטור־
דערשײַנונג. פלוצלינג אָנקומען און אַזוי ווי
אַרומנעמען, אַרומכאַפּן עמעצן. ,,אונטערוועגנס האָט
זיי אָנגעכאַפּט אַ זאַווערוכע,, פֿאָרט דאָס חסידל
. ,,
צו דעם רבין, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ
שלאַקסרעגן; מאַכט דאָס חסידל: בּיס, בּאָם“, פּל.

7. דריטפערזאָניק. וועגן אַן אומגליק, אַן

1587אי

בּערגאַנג אע אַרומכאַפּן. אומגעריכט זיך
אויסשפּרייטן. דער טיפּוס האָט אָנגעכאַפּט אַלע
בּאַראַקן. ,,יענעם זומער האָט די כאָלעריע
אָנגעכאַפּט אונדזער גאַנצע געגנט,,. אויך פֿיג
,,דער חלף איז געלעגן אויף דעם האַלדז און
די כאָלערע האָט אָנגעכאַפּט בּײַ דעם גאָרגל,,,
ממוס, די טאַקסע.

8. ד▯יטפערזאָניק. וועגן אַ ווייטיק, אַ
פֿיזישער ענדערונג. מיטאַמאָל אָנגרײַפֿן, בּאַפֿאַלן,
אַרומנעמען. געבּורטווייען האָבּן זי אָנגעכאַפּט.
“אַז די פֿאַליקע כאַפּט אים אָן, איז אַ שרעק

אויף אים אַ קוק צו טאָן“. ס'האָבן אים
אָנגעכאַפּט קאָנוואולסיעס. עס כאַפּט אָן אַ שווינדל.
ס'כאַפּט אָן אַ דריקעניש אַרום האַרץ. „ער האָט
צו מיר אַזעלכע רייד גערעדט, ס'האָט מיך
אָנגעכאַפּט היץ און קעלט“, פּל. [אויך צום בּ9].
“ענפּערן זיי אים אַזעלכע ווערטער, עס זאָל
אים אָ, בּײַם האַרץ...,,, איבּז, מדרש ע־)רת
הדבּרות לעמבּערג 1862. „נאָר וואו האָט איר
געזען אַ ייִדן בּשעת ער פֿאַלט, לא־עליכם, אויף
די קריזשעס, אָדער עס כאַפּט אים נעבּעך אָן
ציינווייטיק,,, ממוס, אַ סגולה.... „עס האָט

מיר פּון פֿריִער אָן... אָנגעכאַפּט אָן אַ זײַט
אַ קלעמעניש, אַז איך ווייס גאָרנישט וואו איך
בּין ערגעץ אין דער וועלט“, עט, סערקעלע. „צו
אַ מיגרענע, בּשעת ווען די שמערצן כאַפּן אָן,
זאָל מען נעמען...,,, טאַרלער רבּי, סגולות
ורפֿואות II, לאָדז, 1910? „און אַז מיר כאַפּט
אָן דער הוסט, איז טאַקע ס־ננות־נפֿשות,,, פּרץ,
'האשה מרת חנה,.
אָ, בּײַם האַרצן (בּײַ דער נשמה) = דערפֿילן

שאַרפֿע ווייטיקן. „און דערבײַ האָט ער מיר געטון אַ קניפּ אין בעקל, אַז עס האָט מיר אַזש אָנגעכאַפּט בײַם האַרצן„, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל. קללות: „ס'זאָל דיר אָ, פֿאַר וואָס איך ווייס“ [אַ מאַמע בײַם שעלטן אַ קינד]; „די ניכפּה זאָל דיך אָ'„. „ס'זאָל דיר אָ'... אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש, אַ רײַסעניש... אַ בײַסעניש...„, שע, פֿונעם יאַריד II.

9. דריטפּערזאָניק אַזוי ווי ב7, ב8 — וועגן אַ געפֿיל, שטימונג, איבערלעבונג (וואָס פֿאַרבינדט זיך מיט דרויסנדיקע סימנים). עס כאַפּט אָן אַ נאָגעניש, אַ בענקעניש, אַ פֿאַרדראָס. עס כאַפּט אָן אַ רחמנות. עס כאַפּט אָן אַ געלעכטער, אַ היסטעריקע. עס כאַפּט אָן אַ כּעס, א משוגעת. עס כאַפּט אָן אַ מיגל (אַן עקל, אַ שוואַכקייט, אַ חלשות). עס כאַפּט אָן אַ ברעכונג (= אַ שטויס אויסצוברעכן). אַ נײַגער כאַפּט אָן. אַ שטאָלץ כאַפּט אָן. „ווען איך דערמאָן מיך, כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, אַז מײַן געליבטער איז פֿון מיר אַוועק„, פֿל. “ס'ע כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל בײַם לײַב„, פֿל. “עס כאַפּט אָן אַ מורא ווען ער זאָגט די תּורה“, ווז, 'דער רבי', ייִבל XIII]. „עס איז מיר עפּעס נישט גוט געוואָרן, עפּעס אַ בענקעניש האָט מיך אָנגעכאַפּט“,

גענאַרטע וועלט, 1815? „ווי זאָל איך מיך ניט
דערשרעקן, ווי זאָל מיך ניט אָ, אַ ציטערניש
און פֿלאַטערניש ווען איך וועל מוזן שטיין צום
משפט בײַ דעם ביודדין של מעלה“, איין נײַע
שס תּחנה, פּיעטרקובֿ 1881. „ווי איך האָבֿ אָבער

אָנכאַפּן

נאָר אָנגעהויבן דאָס בריוול צו לייענען, האָט
מיך אַ ציטערניש אָנגעכאַפּט“, יפּ. „ס'האָט
משהן אָנגעכאַפּט אַ גרויל: געפֿלאָכטן אין אַ
גרינעם קנויל, פֿאַר אים געלעגן איז אַ שלאַנג“,
יהואָש, ,ויהי ל׳טה'. „אין דער ערשטער רגע
כאַפּט אים אָן אַ גרויס רחמנות צום טאַטנס
פֿאַרקרימט... פּנים„, בערג, בײַם דניעפּער I.
פֿאַרוואָס האָט אים איצט, אין דער רגע,
אָן„ -
געכאַפּט די בושה ווייסט ער אַליין„, פֿײַוול
סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, קיִעוו 1932.
*עס כאַפּט אָן בײַם האַרצן (בײַ דער
לעבער) = אויך: א) האָבן פֿאַרדראָס, קרענקונג;
איבערלעבן זייער שטאַרק; ב) קריגן רחמנות,
סימפּאַטיע, מיטגעפֿיל מיט עמעצן. ׳האָט עס
דעם בערגער זייער אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ און

ער האָט זייער גרויס רחמנות געהאַט אויף
דעם אָרעמאַן,,, נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'.

אָ, (אַ סך) Iיות = זיך ווידער פֿילן געזונט,
מוטיק נאָך אַ מצבֿ פֿון דערשלאָגנקייט.

1O. דריטפערזאָניק. פלוצלונג באַגערן עפּעס;
קריגן שטאַרקן סאַרלאַנג צו עפּעס. עס כאַפּט

-

אָן אַן אַפּעטיט (אַ יצר־הרע, אַ חשק). עס כאַפּט
אָן אַ פֿיבער צו זוכן גאָלד. ,,איך האָב אים
געפֿירט צו אַן אַנדערע כלה, צו נאָך אַ כלה, ביז
ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ברען, אַ האַרץ־
צופּעניש", ש. עללענדמאַנן, יחיאל שדכן, אָרט? יאָר?
"תּיכּף ווי ער האָט געגעסן עם עפּל, איז ער
אַנידערגעפֿאַלן און עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ
שלאָף", נחב, 'מעשׂה מאַבֿידת בּת מלך'.

11. אויפֿכאַפּן. פֿלינק תּופּס זײַן;
פֿונאַנדערקלײַבן זיך. זיך באַלו אָריענטירן. פֿאַרשטיין.
,,ער האָט אַ שאַרפֿן קאָפּ, ער האָט באַלד אַלץ
אָנגעכאַפּט וואָס דער לערער האָט גערעדט".
,,די חז,,ל זאָגן: 'תּפֿשׂת מרובה לא תּפֿשׂת.
תּפֿשׂת מועט תּפֿשׂת'. אַז מ'כאַפּט אָן צו יל איז
ניט מעגלעך, אָבער אַז מ'כאַפּט אָן אַ ביסל

איז מעגלעך“, סשי II, 13. „.... און ווײַל עס איז יאָ אַזוי, וואַרום זאָל דער מענטש ניט אָ, דעם היפּך דערפֿון“, ר, משה בר, נתן נטע, איבֿז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „ער האָט נאָך אַלץ דעם פֿאָדעם פֿון זײַנע געדאַנקען אָ, נישט געקענט“, בערג, נאָך אַלעמען. *אַ, דעם אָקס בײַ (פֿאַר) די הערנער = אויך: א) דערגיין צום עיקר פֿון אַ קאָמפּליצירטן ענין; בֿ) אַרויסשטעלן דאָס עיקרדיקע.

12. אַרויסברענגען אַ פּלוצעמדיקן געדאַנק מיט דער ה􏰀לף פֿון אַ פֿאַרגלײַך, אַ משל, אַן אָנווײַז אויף אַ פֿאַקט אאַ. אָ אַ מעשׂה = איבער,

􏰀

געבן אַ מעשׂה ווי אַ ראַיה צו עפּעס. אָ, אַ פּסוק= ברענגען אַ פּסוק ווי אַ באַווײַז. אָ, אַ משל = געבן אַ משל. „אײַ וואָס ער זאָגט: רוצה אָדם בקבֿ שלו מתשעה קבֿין של חבֿירו — דאָס איז נישט קיין דווקא, ווי דען (גוזמא בעלמא), ר, כּהנא כאַפּט נאָר אָן אַ גוזמא“, שהמ, לד/ג. “לאָמיר אָ', אַשטייגער, אַזעלכע, עפּעס פֿון אַזאַ אַרט: מאָל דיר,...“, ממוס, קליאַטשע. „.... לאָמיר אָ, למשל, עס גייט אַ רעגן, אָדער שניי.

איז דאָס ניט קיין קונץ?,,, חי״ה זעלדעס,
ווינטער אַבענדען, וואַרשע תּרנ,,ח. ,,און איז
געוועזן — כאַפּט אײַך אָן — אַן עושר גדול״, נאַד.

אָנ כאַפּן זיך

13. אויף גיך בּאַמערקן, דערזען. גיך
אויפֿכאַפּן מיטן בליק. ,,איך האָב אַ שופֿלאָד

אויפֿ

געעפֿנט און געשאַרט, האָט אָנגעכאַפּט מײַן
אויג אַ ברוין פֿאַרדאַרט פּאַפּיר,,, יהואָש, 'דער
סוף פֿון ליד'.
14. אוטוו. אָננעמען זיך; אָנרײַסן. ווערן
פֿאַרשפּרייט. די מעלאָדיע, די מאָדע האָט אָנגעכאַפּט.
אָנכאַפּן זיך — ← דפֿוו. 1. צו די בּבּ 1־2:
זיך אָ, פֿאַר אַ שטריק. זיך אָ, פֿאַר (אָן) דעם
רעטונג־בייגל. ,,אַ גוטן פּורים אויף אַלע פֿיר
זײַטן, דער זיידע איז געקומען מיט דער בּאָבען
צו רײַטן; האָט זיך די בּאָבע דערשראָקן און
האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן פֿלאָקן,, פֿל. ״אַז דער
,
פֿאָליאַק קלערט, כאַפּט ער זיך אָן בײַ די

וואָנצעס; אַז דער רוס קלערט, כאַפּט ער זיך אָן
בײַ דער טשופּרינע; אַז דער ייִד קלערט האַלט
ער די הענט פֿון הינטן,,, שוו. ,,איך וויל עפּעס
אָנטאַפּן, אין וואָס עפּעס זיך אָ', נאָר איך פֿיל
אָבער ניט קיין הענט [און] קיין פֿיס“, ממוס,
קליאַטשע. ,,די שיף צעפֿאַלט אויף שטיקער...
איך האָב מיך אָן אַ באַלקן אָנגעכאַפּט,,, איין
שיינע מע□tה [צענטורע ווענטורע], זשיטאָמיר
1862. ,,..., כאַפּט זיך אָן אין אַ עץ־חיים פֿון
אָ ספֿר־תּורה און שרײַט: שׂישׂו ושׂמחו
בשׂמחתתּורה“, לדב, נ,,י 1957.

2. אין אַ צאָל אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. *אָ,
זיך אָן (פֿאַר) אַ שטרוי = ווען מע זעט ניט
קיין אויסוועג, זיך פּרוּוון טרייסטן, זיך וועלן
ראַטעווען (מיט עפּעס וואָס איז ניט רעאַל).
,,אַז מע טרענקט (טרינקט) זיך, באַפּט מען זיך
אָן אָן אַ שטרוי“, שוו פֿון נויט כאַפּט מען
,, .
זיך אָן אָן אַ הייסן אײַזן,,, שוו. אָ, זיך אָן אַ
הייסן שטיין — דז. *אָ, זיך ווי פֿאַר אַ הייסן
קוילעטש — דז. ,,אַז מע טרענקט זיך כאַפּט
מען זיך אָן אָן אַ בריטווע“, שוו.

*אָ, זיך מיט ביידע הענט (און פֿיס) = מיט
צופֿרידנקייט, ענטוז אַזם צושטימען צו עפּעס;

י

אָן וואַקלענישן מסכּים זײַן; אויף גיך אײַנגײַין אויף עפֿעס. „... האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם שידוך מיט בײדע הענט,„ יפּ. "האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן שידוך מיט די פֿיס און מיט

די הענט,„ יעקבֿ טער, דער פּראָצענטניק. ▯., נ"י 1901. (דורכלאָזנדיק 'די הענט'). „האָט זי פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ נײַעם מאָדנעם פּלאַן,„ י. ל. מאַלאַמוטה, דאָס נײַע לעבן, מערץ 1913. *זיך אָ, אין עמעצן = זוכן הילף, האָפֿן אויף הילף בײַ (פֿון) עמעצן. „הערשעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם ווינטשפֿינגערל מיט אַלע זײַנע געדאַנקען,„ ממוט.

*אָ, זיך אין אַ (דער) געלעגנהייט = אויסניצן דעם ריכטיקן מאָמענט. ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער. זיך אָ, אָן דעם סקאַנדאַל און אים אויסניצן בײַ די וואַלן. „ווי זי האָט אים געזאָגט די פֿײַנע בשׂורה, אַז זי איז שוין למזל איבערגעקומען [זיך געשמדט], האָט ער זיך אין דעם אָנגעכאַפּט מיט פֿאַרגעניגן", ייִפֿאָל, 1882,

No 32 ▯ "מילא אַז איך האָב דערהערט אַזאַ געשעפֿט, האָב איך זיך דאָך אָנגעכאַפּט — ווי מע זאָגט — ווי אין הייסע פֿאַרפֿל,„ י. ז.

פּוטער

1]88

 ואַן, דער אַריסטאָקראַטישער צדיק..., וואַרשע 1889.

*אָ, זיך בײַם (פֿאַרן) ק אָ פּ = אויך: א) זײַן אויפֿגעבראַכט, שטאַרק אויפֿגערעגט; ב) נשתּומם ווערן. „הערט אַ מעשׂה, ווען איר זיך אָ, בײַם קאָפּ“, קמ, 22 1868, No. „ער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ, געבליצט מיט זײַנע צאָרנדיקע אויגן, געהילכט און געשריגן„, ממוס, מסעות. „די מאַמע האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ... זי האָט געזאָגט, אַז חיים האָט איר פֿאַרשוואַרצט דאָס לעבן„, אפֿריס קאַגאַנאָווסקי, 'די מומע הדס'. זיך אָ, בײַם ה אַ ר צ ן = אויך: איבערלעבן, דערפֿילן מיטאַמאָל עגמת־נפֿש, נײַסטיקן ווייטיק. דערוויסן זיך די געשיכטע מיטן אייגענעם זון און זיך אָ, בײַם האַרצן. אָבער געוויינלעך — וועגן אַ פֿיזישן ווייטיק: זיך אָ, בײַם האַרצן (אין דער לינקער זײַט בּרוסט) בײַ יעדן שטאָך. „אַלעמאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער

רעכטער האַנט אין דער לינקער זײַט! עס גיט
אים אַלעמאָל דאָרט אַ שטאָך“, פּרץ, 'דער
משולח'.

3. אָנהייבן ברענען. אָנצינדן זיך.
אויפֿפֿלאַמען. „מע מעג איבערדעקן אַ לעכט מיט אַן
ערדן שיסל כּדי דאָס פֿײַער פֿון דער לעכט
זאָל זיך ניט אָ, אין באַלקן“, תּקוני שבּת,
אוסטרהאָ 1818. „בעוונותינו הרבּים'... פֿאַר
די זינד אונדזערע האָט זיך אָנגעכאַפּט די
סאַזשע אין קוימען“, ממוס, 'נשׂרפֿים'. “דעם
רבֿס הויז האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט און האָט
אָנגעהויבן צו פֿלאַקערן ווי אַ טרוקענע
שוועבעלע„, בלעטער, No 29. *זיך אָ, ווי אַ
שוועבעלע = אויך: ווערן 'אָנגעצונדן', ווערן רויט
פֿאַר כּעס. שטאַרק רעאַגירן בײַם אויפֿרעגן
זיך. דאָס פֿײַער האָט זיך אָנגעכאַפּט = איר. אַ
פֿאַלשער אַלאַרעם.

4. זיך שטאַרק באַמיִען, זיך אָנשטרענגען,
אָנטשעפּען זיך אין יעדער געלעגנהייט וואָס
קומט אונטער (וואָס מאַכט זיך). „די גאַנצע
צײַט בין איך געזעסן אָן אַ שטאָך אַרבעט...
געגאַנגען פּשוט ווי אָן אַ קאָפּ, קלער הײַנט,
קלער מאָרגן, עס איז ניטאָ אָן וואָס זיך
אָנצוכאַפּן„, י. ז. פּוטערמאַן, דער אַריסטאָקראַטישער

צדיק..., וואַרשע 1889. ,,געזעסן ביז פּופּצן יאָר נאָך דער חתונה אויף קעסט, געהאַט דרייַ פּערטל טוץ קינדער, אָנגעכאַפּט זיך אָן כלהמיני געשעפּטן‘‘, א. בערגמאַן דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926.

5. בכלל זיך צוטשעפּען, זיך אָנהענגען אין דעס וואָס עמעצער האָט (אַרויס)געזאָגט (אָדער געטאָן). זיך אָ, אָן אַ וו אָ ר ט. ,,די שׂונאים האָבן נישט געהאַט זיך אָן וואָס אָנצוכאַפּן אין מײַנע ווערטער,,, איבּז, ספּורי נפּלאות, לבּובֿ 1850. ‘‘דער פּרעזעס האָט ניט מער באַדאַרפּט, נאָר ער זאָל האָבן אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן‘‘, אַ גאַנץ נײַאי שיינע מע▯ה פּון איין דאָרפּס בעלפּער, לעמבערג 1875. ,,זי פּלעגט אָן זײַנע ווערטער זיך אָ', ווי איינער וואָס טרינקט זיך,,, אַר, 'די לעצטע האָפּנונג'. זיך אָ, אָן אַן ע צ ה.

6. אויף גיך זיך אָנרופּן, זיך אָפּרופּן. ,,נאָך דער חתונה פּאָרן אַלע חסידישע קינדער צום

אָנכוכען

רבּין, און דאָ, אַז ער פּאָרט האָט ער▯ געמיינט, וועל איך מיך אָבּאַלד אָ,: טאַטע איך וויל אויך

פָארן", יק. „.—־ נו, נו, מהיכא־תּיתי! — האָט זיך ר, חיים אָנגעכאַפּט — אַן אָרעמער גוי טאַקע, אַ רחמנות", אַר, סאַרשפּעטיקט,.
-,
־ונג — „דאָס אָ'ס־באַוועגונג קומט בײַ אים [דעם קינד] פָאר שוין ניט דורך אָנטאַפּן... נאָר מיט דער הילף פון דעם חוש הראיה„, י כעזין [דר, ישׂראל רובין], פון כעזילעס טאָגבוך, וואַרשע 1923. ־עכן. ־עניש — „די פאַרשווערונג איז געווען אַ מין... אָ, אץ אַ שטיקל אינטערעס„, מוק, מ.נע באַגעגעישן.
אָנכאַפּער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס.
1. ווער עס כאַפּט אָן עפּעס מיט די הענט. דער באַלעם־אָ, אין (פון) דער פוטבאָל־ און בייזבאָלמאַנשאַט. דער אָ, אין צירק. 2. ווער עס באַרגט (לײַט) אָן געלט פון אַ צאָל און גיט ניט אָפּ. אַרײַנכאַפּער. אָנזעצער. ניט־קראַנטער, ניטערלעכער בעל־חוב. „יענער קרח וואָס אַמאָל, דער רײַכער, דער רעדלפירער, דער אָ, וואָס האָט זיך געשטופּט צו דער כּהונה — דער קרח איז דאָ נאָך הײַנט אויך", ממוס 'די אַלטע מעשׂה,.
3. ווער עס באַפאַלט, גרײַפט אָן, פאַלט אָן;

ווער עס וואַרפֿט זיך שלאָגן, בײַסן אע. שלעגער. „ראַבּטשיק איז געווען אַ הונט... אַ שטילער, נישט קיין אָ"", שע, מע⃞tיות פֿאַר ייִד, קינדער I.

4. ווער עס זידלט. ווער עס טשעפּעט זיך צו צו עמעצן. בעל־מחלוקת. „פּע, איך בין געווען אַ... פלוידערזאַק... אָ רכילות־טרײַבער, אַ בּילבּול־מאַכער, אַן אָ, מיט דעם מויל און מיט דער פּען", ממוס, קליאַטשע. 5. קפּדן. ווער עס זוכט, כאַפּט בײַ יענעם טעותן. ־ערײַ.

אָנכאַפּעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ (כאַראַקטעריסטיש פֿאַר) אַן אָנכאַפּער. אָ'ע גענגעלעך. ־קייט.

אָנכאַראַקטערדיק — אַדי. וואָס איז אָן (האָט ניט קיין) פֿעסטן כאַראַקטער; וואָס איז אָן שטאַרקן ווילן. אַן אָ'ער לעמעשקע. ־יקייט.

אָנכאָרכלען — טרוו ־כל אָן, ~געכאָרכלט.

מיט אַ כאָרכלדיק, כריפּעדיק קול עפּעס זאָגן, אויסדריקן. אָ, אַ פּאָר ווערטער און אַוועקפֿאַלן וו אַ געקוילעטער. ־עניש.

אָנכוואַליען — דזוו אויסכוואַליעד ←, 260.
צעכוואַליען. „די מאָטאָר־שיפּל האָט אָנגעכוואַליעט די אָזערע„.

אָנכוואָשטשען — טרוו ־שטשע אָן, □ י'
גע□
כוואָשטשעט. גוט אָנשמײַסן מיט אַ בײַטש, רוט, בעזעמל אע. אָ, אַ הינטן מע זאָל האָבן צו געדענקען. אָ, די פּלייצעס אין באָד. אָ, דאָס בידנע פֿערדל.

□

אָנכויכען — טרוו. ־כע אָן, ~געכויכעט. מיט גלאַטע ריידעלעך אָפּנאַרן עמעצן (בײַם פֿאַרקויפֿן עפּעס). אָנשווינדלען. אָ, די פּראָווינצער קונים.
אָנכוכען — טרוו & אוטוו ־כע אָן, ~געכוכעט.
פּ□: □כוקען. □]a'r□]□ □a□נ:□ □ <□ דזוו

אָנכוכען זיך

אָנהויכן, ב1. אָרויסלאָזן (הייסן) אָטעם און אַ בלאָז טאָן, אַ הויך טאָן. אָ, (אויף) די קאַלטע פֿינגער. אָ, אויף די פֿאַרפֿראָרענע פֿענצטער.

אָ, אויף די בּרילן און זיי אויסווישן. „ער
כוקעט אָן אַ טאַפּליע און דורכן אָפּגעגאַנגענעם
רעדעלע נעמט ער אײַנקוקן אין גאַס„, אי.
קיפּניס איבּז, ק. גאָרבּונאָוו, דאָס אײַז גייט, ק עוו
.193()

אָנכוכען זיך — אוטוו ־כע זיך אָן, זיך ~
גע.
כוכעט. <? אָנטאָן אויף זיך אַ סך קליידער.
אָנפּעלצן זיך. אָ, זיך מיט יאַקעס און שאַלן
און זיך צוקילן.

אָנכוליגאַנעווען — אוטוו ־נעווע אָן, ~(גע)־
.
כוליגאַנעוועט. אַ לענגערע צײַט
בוליגאַנעווען; אַנבּויאַנעווען (.). אָנבּושעווען (.),
ווערן ווילד אוז אָנטאָן, אָנמאַכן שאָדן. זיך
אַרײַנרײַסן אין אַ פֿרעמדער שטוב און אָ'.
אויך מיט ז י ך.

אָנכיטרעווען — טרוו. ־עווע אָן, ~
געכיטרעוועט. אָנשווינדלען, אויסנאַרן, אַרויסקריגן
עפּעס מיט כיטרע ריידעלעך, מיט אָפּנאַרערישע
קאָמבּינאַציעס. אָ אַ גאַנץ ײַנע אַפּותיקי.

אָנכלאָבּוטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~

געכלאָבּוטשעט. אַרויפֿטאָן, אַרויפֿלייגן, איבּערציִען אויפֿן (איבּערן) קאָפּ אַ שוער, גרויס היטל, עס זאָל ליגן אומגעלומפּערט אָ, אַ פּאַפּאַכע בּיז איבּער די אויגן. „ציט אַרײַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, כלאָבּוטשעט אָן דאָס היטל אויפֿן קאָפּ“, ש. בּרעגמאַן, ניאָמקע שוואַרץ, קיִעוו 1935.

אָנכלאַמען —־ דזוו אויסכלאַמען ←, 0 2.

אָנכלאָפּאָטשען

— ־טשע אָ . אויטוו —

~ ,

געכלאָפּאָטשעט. פּפֿ: ~כל

אַפּאָטשע

אַ לענגערע צײַט כלאָפּאָטשען, זיך משתּדל זײַן. אַרומלויפֿן איבּער פֿאַרשיידענע אַמטן און וועלן עפּעס פּועלן. אינטערוועגירן. טרוו — מטריח זײַן עמעצן. „מע כלאָפּאָטשעט מיך אָן, מע לאָזט מיך ניט רוען“, רייד (פּאָ). אויך מיט ז י ך.

אָנכל אָבּען — טרוו ־בּע אָן, ~געכליאָבּעט.

י

.

(אומאיידל) געבּן אַ סך צו עסן, צו טרינקען. א, דעם אַט ווי מע פּאָיעט אָן אַ פֿערד.

געוויינ י
לעך מיט ז י ך — זיך אָ, מיט אַ שיסל
בּאָרשטש. דזוו אָנכל(י)אָפּטשען זיך,
אָנזשליאָקען זיך. אָ, זיך מיט אַ גאַנצן סאַמאָוואַרל טיי.
אָנכל אַ(י)ען — דזוו אָנכליאָבען. געוויינלעך
י
מיט ז י ך — "... אַ פֿרישע סעודה, די געסט
זאָלן זיך קאָנען אָנפּרעסן און אָ,", ראַשקין, די
מענטשן פֿון גאָדלבּאָזשיץ.
אָנכל(י)אָפּטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~
געכל(י)אָפּטשעט. אָנפֿילן, אָנפּאַקן דעם מאָגן
מיט אַ פֿליסיקער שפּײַז, מיט זופּ ('
פּאָכליאָבקע'). ,,מײַן עצה: גיט אים ווערעמקרויט.
כליאָפּטשעט אים ניט אָן פֿאַרן שלאָף מיט די
וואַסערדיקע לאָקשן", ח. פּעט, איק, 1960 II י 29.
מיט ז י ך — ,,איז דער קרופּניק אַ ביסל
שיטערער, אָט אַבּי זיך אָנגעכלאָפּטשעט און
אָנגעגעאָסן דעם בּויך", מ. א. שאַצקעס, יוד,
פֿאָלקסבּיבל אָטעק, 1888' No 1.

ליאָ ן. אוטוו — ו. אַ לענגערע צײַט

אנכל אַפּ — ־פּע אָן, ~געכליאַפּעט. פּפֿ:
י
~כ
אָנגיסן, אָנרעגענען ווי מיט צעבערס. ס'האָט
אָנגעכליאַפּעט, אַז מע קען ניט דורכגיין די גאַס.
2. אָנבלאָטיקן, אָנברודיקן, פֿאַרגיסן, אָנשפּריצן
בײַם וואַשן, מאָלן אָדער (אויס)קלעפֿן עפּעס.
מאָלן די שטוב און אָ, איבער דער גאַנצער
פּאָדלאָגע. אָ, ווי אין אַן חזיר־שטאַל. טרוו —
1. דערלאַנגען קלעפּ. אָנפּאַטשן. אָנפּראַסקען.
,,ווען דו וואָלסט מיר דערציילט, אַז דו האָסט
אים אַליין, דעם באַלעבאָס אָנגעכליאָפּעט, דאָס
וואָלט איך פֿאַרשטאַנען!", יר, צוק, אָוו, 1936.
2. איר. אָנשרײַבן עפּעס אומקלאָר, שלעכט און
אויף גיך. אָ, אַ בריוו מיט קאָטשערעס און
לאָפּעטעס.
אָנכליושקען — טרוו. ־קע אָן, ~געכליושקעט.
1. גוט אָנפּאַטש, אויספּאַטשן עמעצן די באַקן.
2. אָנגיסן, פֿאַרגיסן מיט אַ כליושק. אָ, וואַסער
איבער דער גאַנצער פֿאָדלאָגע.
אָנכליעשטשען — דזוו אויסכליעשטשען ←,
.2 0
אָנכליפּען — אַקוזוו. ־פּע אָן, ~געכליפּעט.

אַ לענגערע צײַט כליפּען, שטאַרק װײנען. אָ,
אַלעמען דעם קאָפּ. אָ, און זיך באַרואיקן. מיט
ז י ך — אָ, זיך רױטע אױגן.
אָנכמאַליען — טרװ. ־ליע אָן, ~געכמאַליעט.
גוט אָנפּאַטשן עמעצן. דערלאַנגען שטאַרקע
קלעפּ, כמאַליעס. אָ, די פּיסקעס און מאַכן
בלױע סיניאַקעס.
אָ'נכמאַ'רעדיק — אַדי. װאָס איז אָן (האָט
ניט קײן) כמאַרעס; װאָס איז ניט פֿאַרצױגן מיט
כמאַרעס. אָנװאָלקנדיק. אָ'ע טעג. אָ'ער הימל.
אָנכמאַרען — אוטװ & טרװ. ־רע אָן, ~
געכמאַרעט. 1. אָנװאָלקענען. באַדעקן,
איבערציִען מיט כמאַרעס, שװערע, שװאַרצע װאָלקנס.
געקומען אַ װינט און אָנגעכמאַרעט דעם הימל.
2. אָנפֿינצטערן. דערפֿירן מע זאָל װערן ברוגז,
אומצופֿרידן. אָנװאַרפֿן זאָרג, טרױער אױף
עמעצן. אָ, דאָס פּנים. „װען ניט די געװיסע
'װרעמענע פּראַװילעס, װאָס דער מיניסטער...
האָט אָנגעכמאַרעט אױף די ייִדן", ש ,פֿונ'ם
אַריד I. אָפּט מיט ז י ך — דער הימל (זײַן
ו

פּנים) האָט זיך אָנגעכמאַרעט.
אָנכמורען — דזװ אָנכמאַרען ←. מאַכן

כמורנע. ,,דער לערער האָט אָנגעכמורעט די
בּרעמען און פֿאַרבּיסן אַ ליפּ,,, פֿײַוול ס□טאָ, אַט
דאָט זײַנען מיר, קיִעוו 1932. מיט ז י ך.
אַנכערעט ווערן — נייטראָל. ווער אַנכערעט,
בּ י ן ~כערעט געוואָרן [אַנשטאָט: ,
אַנטכערעט'...]. בּעס. (אומאיידל) אַנטשלאָפֿן ווערן.
דער ערל איז אַ, געוואָרן. אויך: אַנ(ט)־
רעכעט ווערן, אַנטרעכען.
אָנכראָפּען — אוטוו. ־פּע אָן, □,געכראָפּעט.
כראָפּען אַ סך. ,,וויפֿל מע האָט דאָ
אָנגעכראָפּעט. אויף די בּענק און אויף דער פּאָדלאָגע“.
אָ, און ניט לאָזן שלאָפֿן.
אָנכראַקען — טרוו & אומוו ־קע אָן, ~
געכראַקעט. (אומאיידל). 1. אַ לענגערע צײַט, אָן

אָנלאָד

אויפֿהער (אַרויס)שפּײַען מיט ליחות
פֿאַר.
שפּײַען אַלץ אַרום זיך. אָ, אויף דער פּאָדלאָגע.
,,□.. ווער האָט דאָ אַזוי אָנגעכראַקעט אויפֿן
פּאָל?,,, בּערג, בּײַם דניעפּער 2 .II. אָנשפּײַען,
אָפּשפּײַען עמעצן. אָ אַ פֿולן פּנים. ,,זאָגט אָ

,

ייִדן, אַז משה רבינו איז ניט געווען אויפֿן הימל, נו, נו, דאָ וועט ער אײַך אָ, אין די אויגן", דער יוד, פֿאַר פסח, וואַרשע 1881. ,,זי האָט אים אָנגעכראַקעט פֿולע אויגן,,, אי. קיפּניס איבז, א. האָלאָווקאַ, פּראָלאָג, קיִעוו 1935.

אָנלאָ'בוס(עווע)ן — אוטוו ־ס(עווע) אָן,

.

~געלאָבוס(עווע)ט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט זײַן (זיך אויפֿפֿירן ווי) אַ לאָבוס, אַ גאָרנישט, אַ ליידיקגייער, אַ ווילדער. אָפּט מיט ז י ך — ,,זיך גענוג אָנגעלאָבוסט, צײַט צו ווערן א מענטש".

אָנלאָבן זיך — אוטוו. לאַב זיך אָן, זיך ~ געלאָבט. אָנקוויקן זיך מיט עפּעס וואָס איז געשמאַק. אָ, זיך מיט לעקעך און בראַנפֿן.

אָנלאַבערן — טרוו ־ער אָן, ~געלאַבערט. פּפּ.

.

~לאַברעווען. אָנגנבֿענען. גיין איבער די קראָמען און אָ, וואָס עס לאָזט זיך.

אָנלאָגל — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנלאָגלען. ,,איך רייד דאָ וועגן דעם אָ, פֿון זײַנע לידער מיט ייִדיש־ליבשאַפֿט,,, יג, איק, 1955.

אָנלאָגלען — טרוו לאָגל אָן, ~געלאָגלט.

אָנגיסן אין לאָגל. אָנשעפּן מיט אַ לאָגל.
אָנפּילן וו אַ לאָגל. ״ווערט אָנגעלאָגלט מיט
ֿ
תּפילה״, דער לעבעדיקער פֿאַש, 4 ׀ 1952 II.

,
געווײנלעך מיט ז י ך — קומען אין דער
גרויסשטאָט און זיך אָ, מיט נײַע איבערלעבונגען.
אַנלאַגע, אָנלאַגע — די, ־גן. דטשמ. נר
נייגונג, נטיה. „אין... [אים] זײַנען דאַ אַ'גן אַ
גוטער מענטש צו ווערן״, מ. מ. אויזערקיס,
דער פּריוואַטלעהרער ׀ I, דראָהאָביטש 1898.

-

״פֿונדעסטוועגן דאַרף מען דערצו [צו אַן
אַפּאָפּלעקציע] האָבן אַן אַ„ אַ נייגונג״, פֿגעז, ווילנע
4 1925, No.
אָנלאַגערן — טרוו ־ער אָן, ~געלאַגערט.

.
1. אָנזאַמלען אויף לאַגער. אַוועקלייגן אויף
שפּעטער. „תּבֿואה לאַגערט מען אָן אין אַ
שפּײַכלער״. 2. אָנגרייטן צו פֿיל, מער ווי
נייטיק. ״דער סוחר האָט אָנגעלאַגערט פּאָליצעס

מיט סחורה פֿאַר אָ הײַפֿעלע קונים“. ▯יט
ז י ך — ,,וואָס האָט זיך במשך פֿון יאָרן
אָנגעקליבן און אָנגעלאַגערט אין קאָפּ“, ל. חיין,
פּב. ־ונג. ־עניש.
אָנלאָד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנלאָדן. אָ, פֿון ביקס. ״אויף וואָגנס אָ, —
שפּע פֿונעם לאַנד“, אפּא, לויטער איז.. קוואַל.
״אין זײַן קינדער־דערציילונג... האָט ער
אַדאַנק דעם קינסטלעריש־עמאָציאָנעלן אָ'...
דערגרייכט אַ הויכע מדרגה“, מ. נאַטיש, ייִבל X,
1־2. אָ'־ל אָ ך — לאָך אין אייבערשטן טייל

▯

פֿון וואַגראַנקע אַרײַנצושיטן אײַזנאַרץ. אָ,־
מ אָ ס — מאַקסימאַלער אָ'. ,,יעדע שפּרונזינע
האָט זיך איר אָ'־מ, וואָס וויבאַלד מע שפּרײַזט
ז אַריבער ווערט די שפּרונזינע צעצויגן,,,
יאַי

אָנלאָדונג

כינסאָן טערמינאָלאָגיע אויף [אַטורוויסן, קיִעוו 1926.
אָנלאָדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנלאָדן. אַ פֿולע אָ, פֿורן (וואַגאָנען)
—
.
מיט שווערע אָ'ען. פּאָזיטיווע (נעגאַטיווע) עלעקטרישע אָ'. אַן עמאָציאָנעלע אָ'. ״מע מאַכט די לעצטע אָ'ען, מע גיט די לעצטע באַפֿעלן„, דא, ון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.
„די לעדער אינדוסטריע אַרבעט... ניט מיט דער פֿולער אָ'„, די גאַרבער שטימע, מאָסקווע 2 1924, No־3. „אויף זײַנע פּלייצעס ליגט אַזאַ וויכטיקע אָ„„, ב. מעדרעש, אויף דער אַכטער דימטאַנציע, מינסק l932. „די היסטאָרישע אָ'ען רײַסן אויף בײַ אַלע באַדינגונגען״, מ צאַנין, די דעקאַדענץ פֿון אַ משיח, ת„אָ 1967.
אָנלאָדן l — טרוו. לאָד אָן, געלאָדן.: Mhd
an la(1en. 1 .אָנלייגן, אַרויפֿלייגן פּראַכט, משׂא. אָ, אַ וואָגן, אַ וואַגאָן. אָ, אַ קעמל. אָ, אַן אייזל. „דיא דאָזיג זאַך... דאז ער זעלבשׂט טרוג... בעשׂר שטיל עז אים אַן צו לאַדן... אויף איין פּפֿערט״, ספֿר משלים II פּפֿדמ 1686,
,

נג/ב. ,,און איטלעכער פֿון זיי האָט פֿיל בהמות וואָס ער באַדאַרף... אָ', כּלומר אַרויפֿלייגן די משׂא אויף זיי,,, חה, בּ, רכו. ״האָבּן זיי אָנגעלאָדן גאָר די שיף מיט גאָלד און אבֿנים טובֿות,,, נחבּ, 'מעשׂה ממלך וקיסר'.

2. אָנפֿילן בּיז אַ מאַקסימום. אינגאַנצן פֿול מאַכן פֿון אַ האַלבּער וועלט האָט איר גע. ,,

רויבּט... און מיט דעם רויבּ די שפּײַכלערס פֿולע אָנגעלאָדן,,, מל, ,אויפֿן חורבּן האַמבּורג'.

3. אַרויפֿלייגן פֿליכטן, אַחריות, אַ גײַסטיקע לאַסס. ,,אָ, אויף זיך אַ משׂא ייִדישקייט און אראָפּוואַרפֿן עס דערנאָך פֿון זיך,,, ממוס, אַ

,

-

גרויע האָר'. ,,לאָד אָן אויף די יונגע פּלייצעס די לאַסט פֿון ירושה... פֿון סיני בּיז הײַנטיקן טאָג,,, ייִש.

4. אָנפֿילן געווער מיט קוילן. צוגרייטן צום שיסן. אָ, אַ בּיקס. אָ, אַ רעוואָלווער, אָ, אַ קאַנאָן. ,,אַז מע לאָדט ניט אָן — שיסט עס ניט,,, שוו ᅠיג. ,,דאָס וואָרט מיט אַנגסט און

.
פֿרייד וואָס שווערער אָנצולאָדן„, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

5. געבן אַ סך, אין אַ גרויסער מאָס. „אַן צו לאַדן פֿון אַלים גוטן צו דײַן קנעכט און דינשט„, מחזור ר"ה ויו„כ, הומבורג 1721, קצט/א. „געלויבט און געדאַנקט איז גאָט טאָגטעגלעך. ער לאָדט אונדז אָן מיט הילף מער ווי מעגלעך„, ממוס, זמירות. „און דײַן גאָט האָט דיך אויסגעלייזט און ער האָט דיך אָנגעלאָדן מיט ביזת מצרים און מיט ביזת הים", חעט, דבֿרים, טו, 15.

6. צוגרייטן צו אַ ספּעציעלער פֿונקציע. אָנפֿילן מיט פּאָטענץ, מיט ענערגיע. „דאָס איז דײַן נשמה וואָס איך האָב זי אין דיר געטאָן אָ, וועגן דײַן טובֿה", ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא 1819, כא/א. אָ, מיט עלעקטרע.

7. אַרײַנבברענגען אין צושטאַנד פֿון כּעס, פֿון פּאַראיבל. „ווער האָט דיך אָנגעלאָדן, ווער?„. „זי האָט אים אָנגעלאָדן, לאָזט ער עס אויס צו די קינדער".

()

מיט ן י ך — "ווי איבערנאַ'כט וועט בוים
און צווײַג זיך אָ, מיט צוויט", מלה, אין
ניויאָרק, וואַרשע 1927. „געזען אַז קיינער...
איז ניטאָ, האָט ער זיך אָנגעלאָדן מיט גרויס
גבֿורה„, ממוס, ,ד אַלטע מעשׂה, ־עכץ.
י
־עניש. ־ער — "דער רעש פֿון די
אויסלאָדערס און אָ'ערס האָבן צעטומלט... די
ישובֿניקעס", ש. סײַמאָן, צווײַגן.
אָנלאָדן ll — טרוו. לאָד אָן, ־יי ,געלאָדן.
אָנקלאָגן, אָנהייבן אַ פֿאַרשלעפּטן געריכטלעכן
פּראָצעס. מיט ז י ך — זיך פּראָצעסירן ביז
האָבן גענוג. „אַ גאַנץ לעבן זיך אָנגעלאָדן און
געבליבן אַ באַעוולטער„..
אָנלאַדניעווען — טרוו ־ניעווע אָן, ~
געלאַדניעוועט. אָנשיטן, אָנוואַליען. הווב.
אָנלאַדעווען — טרוו ־דעווע אָן, ~
געלאַ.
דעוועט. 1. דזוו אָנלאָדן I. אָ, די תּלמידים
מיט אַ באַלאַסט וואָס וועט זיי ניט צו נוץ
קומען. „האָט זיך גענומען אַ פֿערד מיט אַ וואָגן
און האָט אָנגעלאַדעוועט פֿיל גאָלד מיט זילבער„,

מ [ש. לעהמאַן, בײַ אונז יודען]. „ווען ער
האָט שוין געהאַט אָנגעלאַדעוועט עטלעכע זעק,
[מיט רענדלעך] — האָט זיך דער באַרג אויף
אים אײַנגעשיט“, א. בערגמאַן, קאָצקער
מעיות, וואַרשע 1929. 2. (שנײַדערײַ)
אונטערנייען דעם אונטערשלאַק צו אַ בגד. 3. (
שנײַדערײַ) אָנפּאַסן. אָ, דעם נײַעם בגד.
אָנלאָדעווען — דזוו אָנלאָדן I. אָ אַ ביקס.
,
„באַלד אָנגעלאָדעוועט גאַנצע 2000 פּלאַשן...“,
פּ ג נסים מן השמים, לובלין 1914.
אָנלאָד(ע)נען — טרוו. לאָדן אָן, ~געלאַדנט.
אַרכ. פּד. דזוו אָנלאָדן I. „דא שטיט (ויחבוֹש
את אתוֹנוֹ), ער האָט אים אַן גילאדנט מיט אַל
חרשים אונ, כּישוף אונ, קסמים“, נצ1, כ/א.
אָנלאָז — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנלאָזן. אַן אָ,
פֿון שטינקענדיקע גאַזן. אָ, פֿון וואַסער אין גרוב.
אָנלאָזן — טרוו, לאָז אָן, ~געלאָזט, ~געלאָזן.
1. אַרײַנלאָזן. לאָזן אַרײַנקומען, אַרײַנדרינגען.
“מאַך צו די טיר, וועסט אָ אַ קעלט (רויך,
,
שטויב, טומל, געשטאַנק) פֿון גאַס„. 2.
אָנפֿילן מיט וואַסער אָדער מיט אַן אַנדער
פֿליסיקייט אָדער גאַז. “לאָז אָן די וואַנע און באָד אָפּ

דאָס קינד,,. ,,לאָז אָן געגוג לופּט אין ראָד פּון אויטאָמאָבּיל“. ,,עס איז אויך שעדלעך אָנצולאָזן אין אויער הייסע פּליסיקייט אָדער פּאַרע“, דר, מ. גאָטליעבּ, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגעניננ, וואַרשע 1908. 3. אַרײַנלאָזן מער ווי מע דאַרף, מער ווי דער בּאַשטימטער אַרײַננעם, קאַפּאַציטעט. ,,אויף דרײַ הונדערט זיצערטער האָבּן זיי אָנגעלאָזן מער ווי פּיר הונדערט מענטשן אין זאַל,,. ,,... וועט אַרויס דער ריח פּון די ישובּניקעס וואָס ליבּערמאַן האָט אָנגעלאָזט. מיך שטיקט עס,, [בּ4], א. קאַהאן, אַהרן ליבּערמאַן, קיִעוו 1935. 4. אָנשטינקען דורך אַ נפּיחה. ,,עמעצער האָט דאָ שוין אָנגעלאָזן, עפּנט אויף גיך אַ פּענצטער“. 5. אָנרייצן. אָ, די הינט אויף עמעצן. 6. אַרכ. אָפּלאָזן. אָפּלייגן. ,,... הישׂ דשׂ ער בּלד קעם אונ,

אָנלאַסטן

ניט אנלישׂ,,, מגל, ש, 868. ־עכן. ־עניש.
־ער — ,,ער איז אַן אָ', אַן אָנבּלאָזער,,.
אָנלאַטכענען — טרוו. ־כן אָז, ~געלאַטכנט.
דזוו אָנלקחנען.
אָנלאַטען — טרוו ־טע אָן, ~געלאַטעט. אויך:

.

לאַטע(ווע, נע)ן. אַרויפֿלייגן אַ סך ,
לאַטעס, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. ,,אַזוי פֿיל
אָנגעלאַטעט אַז מע זעט דעם בגד ניט אַרויס“.
אָנלאַכן — אוטוו. לאַך אָן, ~געלאַכט.
באַגעגענען מיט אַ שמייכל. אַרויסווײַזן אַ
פֿאַראינטערעסירונג פֿלירטעווען. ,,אין גאַס פֿלעגן

,

איר אַלע אָ,“. *אָ אַ פֿולן פּ נ י ם =
אויס,
לאַכן עמעצן אין די אויגן. באַליידיקן.
אַרויסווײַזן אַ ביטול צו יענעמס רייד, געדאַנקען.
“אַזוי האָב איך [אים] אָנגעלאַכט אַ פֿול פּנים
און האָב מיך געשטעלט און אָפּגעוואַרט,,, י. ל
פּיראָ דער אידישער גײַסט.
געוויינלעך מיט ז י ך — לאַכן אַ סך. זיך גוט
אָנלאַכן. זיך זאַט אָנלאַכן. ,,אַזעלכע חזנים...
פֿלעגן... אומצוגיין מעיר לעיר... מע פֿלעגט
פֿון זיי זיך גוט אָ',,, אמד, דער חזן, ווילנע
1874. אָ, זיך די זײַטן אַ סך לאַכן ביז די

—

זײַטן טוען ווײ. ,,איז געווען דער ליבלינג אין
רעגימענט. מע האָט זיך די זײַטן אָנגעלאַכט

פֿון אים,,, ייִז, דערציילונגען.
אָנלאָמען — טרוו. לאָם (לאָמע) אָן, ~ געלאָמ(ע)ט. סל. אָנבּרעכן. צעהאַקן מיט אַ לאָם. אָ, דאָס אײַז. אָ, עמעצן די זײַטן. שיבּורערהייט אָ, די כּלים.
אָנלאמרן — [... ליימערן] טרוו. לאמר אַן, ~געלאמרט. (מיט ביטול) אָנרעדן, אָנזאָגן, אָנדערציילן. ,,וואָס האָט ער דאָ אָנגעלאמרט, דער ליגנער?“. ,,און אָז דו לאמרסט אָן — מוז איך פֿאָלגן?,,.
אָנלאַנגען — אוטוו. לאַנג אָן, ~געלאַנגט.
Mhd: an¯lan□n. אַרכ. דטשמ. נר. 1. אָנקומען. דערגרייכן. ,,ער ווערט בּאַלד צו הויז אַן לאַנגן, דען ער איזט נור איין וויניג אויז גאנגן,,, מכירת יוסף פּפֿדמ 1713 □אָווע III]. “אונ-
'
בּעלי זצ“ל לק,,ק פֿ,,פֿ [פֿראַנקפֿורט] אַן גילאַנגיט“, גה, 166. ,,אָבער בּאַלד ווי ער האָט די פֿעלדער כּרתים אָנגעלאַנגט, האָט אים... אַ טויטשרעק אָנגענומען,,, אד“ם, דער שפּיעגעל פֿיר אַללע, וואַרשע 1893.
2. דערלאַנגען. אויסשטרעקן. ,,[,יוסיף ה, שנית ידו', ישעיה, יא, 11] גאָט צום אַנדרן מאָל זײַן האַנט אַן לאַנגן ווערט,,, אור לעת

ערבֿ, לאָנדאָן תּק,,פּ (?) [תּי: "ווּעט גאָט ווידער אויסשטרעקן זײַן האַנט...,,].
אָנלאַנדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ לאַנד. אָ'ע ציגײַנער. ־יקייט — ,,אין אונדזער טראָדיציע פֿון צוויי טויזנט יאָר אָ, האָבן מיר געשאַפֿן אַ באַגריף פֿון אַחדות האומה, וואָס איז איינציק אין דער וועלט,,, אפֿא, טמז, 1958 ׳ 15.
אָנלאָנטשען — טרוו. ־טשע אָן, ~ געלאָנטשעט. פּר. אָנשליסן. אָנטשעפּען. אָ, נאָך וואַגאָנעס. אָ, עלעקטרע.
אָנלאַסטן — טרוו. לאַסט אָן, ׳י.,געלאַסט׳ אַרויפֿלייגן א לאַסט. אָנלייגן צו פֿיל משׂא. אָ,

אָנלאָפּטשען זיך

די פֿערד. אָ, די קינדער מיט אַרבעט. אָ, עמעצן מיט אַ שווערער אַחריות.
אָנלאָפּטשען זיך — אוטוו. ־טשע זיך אָן, זיך ׳י,,געלאָפּטשעט. אוקר. זיך אָנפּרעסן, זיך אָנזופֿן.
אָנלאָפּען זיד — אוטוו. ־פּע זיך אָן, זיך ~ געלאָפּעט. סל. וורר. אָנשרײַען זיך.
אָנגוואַלדעווען מיט גאָר הויכע קולות (אַזש צעפּלאַצט

ווערן). אָ, זיך און ווערן רויט ווי אַ בוריק.
אָנלאָק — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנלאָקן. ״דער
אָ, פֿון דער שטאָט״, דוד פֿראַם, 1956.
אָנלאַקירן — טרוו. ־קיר אָן, ~(גע)לאַקירט.
באַדעקן מיט לאַק. באַפֿאַרבן מיט אַ גלאַנציקער
פֿאַרב. אָ, מעבל. אָ, די נעגל פֿון די הענט און
די פֿיס. אָ אַ ליגן = זאָגן אַ גלאַטן ליגן.

,

־ונג.
אָנלאָקן — טרוו. לאָק אָן, ~געלאָקט. 1. אַרכ
דטשמ. רייצן. צוציִען פֿאַראינטערעסירן מיט

-

.

עפּעס, פֿאַראינטריגירן (אוי]ף צו פֿאַרפֿירן). אָ'
דיקער אָנבאָט. „צו טויר דער זוינד ער רואט,
לוקט אים דער יצר הרע אַן פֿון יוגנט אויף״,
בראַנט, פּרק ו. „נייעס פֿאָרצושטעלן... עס
זאָל אָ, דאָס פֿאָלק״, קמ, 16 1867, No. מיט
ז י ך — ״זיך אָ, פֿון די פּאָר ברעקלעך וואָס
דער גורל האָט מיר צוגעוואָרפֿן״, באַש, פֿאָר,
3 l1967 III. ־ונג.
2. < לאָק. מאַסן לאָקן. אָ, די האָר. מיט

ז י ך.
אָנלאָקעריש — אַדי. נר. וואָס לאָקט אָן, ציט
צו פֿאַרפֿירט. „די טאַבּאַק־פֿירמעס מיט זייערע
,
אָ'ע אַנאָנסן [ציִען אַריַין].. „„ טמז, 1966 ▯י4.
אָנלאַשטשען — טרוו. ־שטשע אָן, ~
געלאַשטשעט. אָנצערטלען. אָנגלעטן. אָ, די
קינדערלעך. מיט ז י ך — קזוו. ־עניש.
אָנלבֿנהדיק — [... לעוואָנע...] — אַד אָן
י ▯
▯בֿנה. אַן אַ'ע נאַכט ־יקייט. אויך:
~ל
דער .
בּנ'יק.
אָנלוגן — טרוו. לוג אָן, ▯י־,געלוגט. אַרכ
1. דערזען, אָנקוקן. מלל פֿאַרטײַטשט 'ששזפֿתני
השמש, (שיר השירים, א, 6): „אָנגילוגט“ [תּי.
“די זון האָט מיך אָפּגעבּרענט“]. „דא לוגט אים
אַן ר, שמעון אונ, זאָגט צו אים...„, נצ1, נד/ג.
„דאשׂ איג דז מיך ווערט ווערלן אַן לוגן„, סהמ,
איובֿ, ז, 8. “דיא זאַל הקבּ„ה אַן לוגן אונ, זאָל
פֿירן אין איינם רעכטן וועג„, מחזור שלש
רגלים, אַמשט 1713, קכח/ב. 2. לויערן (צו

טאָן שלעכטס). „מאַך אַנטרינען דײַני בעטיר
די צו דיר האָפֿן פֿון די לוגר די אונז צו ביזן
אַן לוגן„, בע, מב, ג.
אָנלוזשען — אוטוו ־זשע אָן, ￼ י־,געלוזשעט.
אָנמאַכן אַ לוזשע. אָ, אויפֿן דיל.
אָנלויבן — טרוו. לויב אָן, ~געלויבט. אַ סר
לויבן. „ער האָט אים אָנגעלויבט פֿאַר מיר מיט
די בעסטע שבֿחים“. מיט ז י ך — “נח דער
מלמד האָט זיך ניט געקענט אָ, פֿון אים“, שע,
'יינגסטער פֿון די מלכים'. „און אַלט ווי יונג
קאָנען זיך מיט זיי נישט אָ'„, י. א.

לייזעראָ1591

וויטש פֿונם אַלטן קוואַל, פעטראָגראַד 1918.
־עניש.
אָנלויף — דער, ־ן. 1. אַקט, רעזולטאַט פֿון
אָנלויפֿן, אָנגעלאַף. אומגעריכטער, ספּאָנטאַנער,
גיכער אָנקום. אָ, פֿון מענטשן פֿון ווילדע
,
חיות. אָ, פֿון מחשבֿות. „דער פֿלוצעמדיקער
אָ, פֿון דער באַן האָט אַלעמען צעטומלט„.
2. קאָנצענטרירונג, צונויפֿטרעף. “נאָך דער
מלחמה איז געווען אַ חתנים־גערעטעניש, ממש

אַן אָ, פֿון חתנים„. „פֿאַראַן אַ געוויסער אָ,
פֿון קלײנבירגערלעכן ראַדיקאַליזם“, [פֿון מאַקס
עריקס ווידוי] קעגן אַנטימאַרקסיסטישע
טעאָריעס אין דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג, קיִעוו
1932. 3. געשווילעכץ. „דעם אָ, אויפֿן האַלדז
האָט מען געהײלט מיט פֿאַרשײדענע
שמירעכצן„. 4. צוקום, עודף, הכרעה בײַ עפּעס אַ
פּראָצעס. אָ, בײַ אַ כעמישער רעאַקציע.
אָנלויפֿן — אוטוו. לויף אָן, בּ י ן [ווען ה אָ בּ
← אויסלויפֿן, 265] ~געלאָפֿן. 1
צונויפֿלויפֿן. „אויף אירע געשרײען זײַנען אָנגעלאָפֿן
מענטשן„. „אין גאָרטן אַרײַן לויפֿט אָן אַ
גרויסער עולם„, פּרץ, דראַמ, שריפֿטן.
2. פּלוצעם, גיך אָנקומען. קומען צו לויפֿן.
אָ, פֿאַרסאָפּעט פֿאַרשמײַעט. „אַזוי איז פּאָליצײ
,
אָנגעלאָפֿן און האָט אים באַלד פֿאַראַרעסטירט“,
פֿל. „געמײנט עס פֿליִען פֿונקען פֿײַער. זײַנען
אָנגעלאָפֿן די פּאָזאַרנע“, אמד, די אורחים פֿו1
דוראַצעסאָק, ווילנע 1872. “נאָר וואָס אָנגעלאָפֿן
דער קוריער און האַלט שוין אָט־אָט בײַם
אַוועקצוגײן“, שע פֿון כתרילעווקע. „נאָר
פּלוצ,
לינג איז אַ שליטעלע מיט אימפּעט אָנגעלאָפֿן“,

סעג, לירישע לידער פֿון די ברייטע פֿעלדער
,, .
איז אָנגעלאָפֿן מיט אַ ײַפֿערײַ אַ ווינט,,, אָפּאַ,
אין פּוילישע וועלדער. ,,איז תּיכּף נאָך פּרצעס
בריוו אָנגעלאָפֿן אַ בריוול פֿון וואַרשע, פֿון
דינעזאָן'', שע אידישע שרײַבער.
3. באַפֿאַלן. אָ, א ו י ף עמעצן. ,,דער מופֿקר
איז אויף אים אָנגעלאָפֿן''. ,,צוויי ייִדן זײַנען
אויף מיר אָנגעלאָפֿן... איינער פֿון פֿאָרנט דער
אַנדערער פֿון הינטן,,, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'.
''ער נאַם זײַן קרומען שטעקן און, ליף דען
בערן אַן'', שמואל־בוך, סטראָפֿע 308.
4. (וועגן אַ געפֿיל) אומגעריכט אָנקומען
און באַהערשן. אַ שרעק (יאוש) לויפֿט אָן. אַ
צעטומלעניש לויפֿט אָן. ''עס לויפֿט אָן ראַשיק
און אומגעריכט אַ פֿרייד'', ה דאָבין, צווישנ
בינשטאָקנ, מאָסקווע 1941. ,,אַ בושה האָט
געטאָן אויף אים אַ לויף אָן'', פּמ, מלחמה I.
5. דריטפּערזאָניק. זיך אָנרוקן — וועגן אַ
טערמין, אַ צײַט. ,,ווען עס איז אָנגעלאָפֿן דער
טערמין, האָבן מיר אים דווקא באַצאָלט,,, א.
אַלפּערין, טמז, 22 1964 II. ,,אָט וועט אָ, דער
סעזאָן, וועט מען אים־ירצה־השם לייזן'', דער
לאָדזער סוחר, באַרדיטשעוו 1910. ,,דער דור

גייט אַוועק און דער לויפֿט אָן,,, איבֿז, ראָס, דער איינגעלשער גענעראַל, וואַרשע תּרמ״ד.

6. זיך אָנגיסן. זיך אָנפֿילן. ,,זע וויפֿל וואַסער עס איז אָנגעלאָפֿן,,. די אײַטערס פֿון די קי לויפֿן אָן מיט מילך. ,,די רערן האָבן געפּלאַצט און דאָס וואַסער איז אָנגעלאָפֿן אין קעלער,,. ,,די

אָנלהיימען זיך

אויגן לויפֿן אָן מיט טרערן,,, ,,טרערן זענען מיר אָנגעלאָפֿן (אין די אויגן),,. ,,מײַנע אויגן זײַנען אָנגעלאָפֿן מיט טרערן און מײַן האַרץ האָט מיר פֿאַרקוועטשט,,, בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די שווערע צײַט ▯I, וואַרשע 1887. ״דאָס האַרץ איז אָנגעלאָפֿן מיט צרו▯', ש. בּעקערמאַנן, משיח'ס צײַטן, אַדעס 1887. ״די אויגן ווערן אָנגעלאָפֿן מיט בּלוט, אין די שלייפֿן האָקט,,, אַר, 'דער קראַנקער פֿינגער'. ,,געפֿילט ווי דאָס בּלוט איז איר אָנגעלאָפֿן אין געזיכט,,, א בּלןמענטאַל, טמז, 14 1966 XII.

7. געשוואָלן ווערן. אויפֿלויפֿן. ,,פֿון אַ קראַ▯־קן צאָן טרעפֿט אַז די בּאַק לויפֿט אָן,,. ״ געשמיסן מיך... אָנגעלאָפֿן בּײַלן, בּרוין־בּלויע,

רויטע“, פּרץ, דראַמ, שריפֿטן. „די פֿיס זענען איר אָנגעלאָפֿן. דאָס געשווילעכץ איז ווייך געוואָרן ווי אַ טייג„, אַש, תּהילים־ייִד. „ס'לויפֿט בײַ אים אָן דער שטערן מיט כמורנע גראָבע קנייטשן“, בּ. האַגער, איק, ר“ה תּשכ“ז.

8. גרעסער ווערן פֿון אָנזאַפּן זיך מיט אַ פֿליסיקייט. „די בעבלעך לויפֿן אָן פֿון ווייקן זיך איבערנאַכט„ פֿון וואַסער [פֿלעגט די

„ .

פֿעל]... אָ, ווי אַ פּאַמפּושקע„, ע. איזראַ, שיך און קאַלאָשן, קיִעוו 1928.

9. (וועגן אַ זייגער) גיין צו גיך. „דער זייגער לויפֿט אָן דרײַ מינוט יעדע שעה“.

מיט ז י ך — רוען נאָכן אָ, זיך. „האָסט הײַנט גענוג זיך אָנגעלאָפֿן“. „אַז מע לויפֿט זיך שוין גוט אָן [מאָנענדיק פֿאַר דער אַרבעט], איז פֿאַראַן תּירוצים„, ח. א. יאַכנוק אויס ביאַליסטאָק, אין אַמעריקע, וואַרשע 1894.

„אָ'דיק זיך ווי אַ הונט, קומט ער מ ו, צעבראָכן אין זײַן וויסט שטיבל„, ממוס, ווינטשפֿ.

*אָ, זיך די פֿיס. „ער האָט זיך גוט אָנגעלאָפֿן די פֿיס ביז ער האָט אויפֿגעמאָנט דעם חוב“.

־עכץ. ־עניש — „ווען [זי] האָט געזען, אַז ס'איז אַזאַ אָ, האָט זי גענומען פֿאַרלאַנגען

פֿון יעדן גאַסט אַ קאָפּיקע,,, באַש פֿאָר, 1966

,

17 XII. ־ערײַ.

אָנל□מדן — ← אָנלאמרן.

אָנלופּען — טרוו. ־פּע אָן, ~געלופּעט. סל.

1. אָנקאַלופּען. אָ, □טיקער פֿון גאַנצן לאָבן ברויט. אָ, קאָרע פֿון בוים. 2. אָנברעכן די ביינער, אָנשלאָגן. מיט ז י ך — זיך אָנפֿרעסן. זיך אָ, מיט קאַרטאָפֿל ־עניש.

□

אָנלושטשען — טרוו. ־שטשע אָן, ~

געלושטשעט. פּפֿ: □י.,לוסקען. לושטשען, לוסקען אַ סך, באַפֿרײַען אַ קערנדל פֿון שאָלעכץ. אָ, סעמעטשקעס. אָ, גרינע אָרבעסלעך.

אָנלושען — טרוו. ־שע אָן, ~געלושעט. פּפֿ:

~גלושען. דזוו פֿאַר(ג)לושען, פֿאַרטויבן, פֿאַרטומלען מיט גרויס געקלאַפּערײַ, הילכיקע טומלערײַען. ,,די שיסערײַ לושעט אונדז אַזוי אָן אַז מיר הערן ניט די באַפֿעלן“.

אָנלהיימען זיך — [... לעכאַיִמעז] רעפֿל.

לחײַם זיך אָן, זיך □..־,געלחיימט. (גוטמוטיק) אָנשיכּורן זיך. אויסטרינקען אַ סך קעלישקעלעך בראנפֿן פּעטערל, גייט שלאָפֿן. איר האָט זיך

- . „

שוין געגוג אָנגעלהיימט“.

אָנליאָגען

אָנליאָגען — טרוו ־גע אָן, ־י־,געליאָגעט.
אָנטרינקען (וועגן אַ בהמה. אומאיידל בנוגע אַ מענטשן). מיט ז י ך — „אויך אײַערע קעמלען זאָלן זיך אָ, און אָנפֿילן דעם טאָפּלטן מאָגן“, י. טיגער, דער צדיק און דער בעל־נשובה.

אָנל אָסעווען — טרוו ־סעווע אָן, ~ גע־ . ליאָסעוועט. 1. אָנמאַכן אַ סך צעטלען מיט נומערן אויסצופּלעטן. 2. וורר־ אָנלעשן קאַלך בײַם מאָכן וואַפּנע. אָ, קאַלך, וואַפּנע אין אַ גרוב.

אָנל אַסען — טרוו ־פּע אָן, ־ „געל אַפּעט.
י י
1. אָנוואַרפֿן. אָנשלײַדערן. אָ, די וועגט מיט וואַפּנע. אָ, די פּאָדלאָגע מיט בלאָטע. 2. אָנפּאַטשן. אויספּאַטשן. „האָב איך אים אָנגעל אַפּעט אַ מאָרדע אַז ער וועט האָבן צו גע־

דענקען״. 3. אָפּטאָן אַן אַרבעט שלעכט, אַבּי
ווי (ספּעצ בײַם מאָלן, פֿאַרבּן אע). אָנשמירן.
״ער האָט אָנגעליאַפּעט די ווענט ווי דער
גרעסטער פּאַרטאַטש״. 4. אָנשרײַבּן גיך און
שלעכט (הן אין פֿאָרעם הן אין אינהאַלט).
שרײַבּן „קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס„. „האָט ער
אָנגעל אַפּעט אַ בּריוו, האָט מען עס ניט געקאָנט
י
דורכלייענען״. אָ, אַן אַרטיקל, אַ בּריוו אין
רעדאַקציע. 5. אוטוו, דריטפּערזאָניק.
אָנרעגענען. אָנגיסן. „אוי, האָט די נאַכט
אָנגעל אַפּעט — איך האָבּ נאָך אַזאַ רעגן ניט
געי

זען״.
מיט ז י ך — זיך אַרײַננעמען אין קאָפּ.
האָבּן אַן אידיי־פֿיקס. „וואָס האָסטו זיך...
אָנגעל אַפּעט אין קאָפּ נאָר אַמעריקע„, ש.
בּעי
קערמאַנן, די געהיימניסע פֿון אַדעס, אַדעס
1885. ־עכץ. ־עניש.
אָנל אַקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~געל
אַקעי
י
ווען. פּפֿ: ,ליאָקעווען. אָנגיסן, בּאַגיסן

מיט הערינגראָסל. מאַכן זייער געזאַלצן. אָ,
יויך מע זאָל ניט קענען עסן. אָ, שוואַרץ בּרויט.
אָנל אַרעמען — אוטוו. ־עם אָן, ~געל אַרעמט.
ʼ ʼ

אַ סך ליאַרעמען פֿול מאַכן מיט טומל. אָ אַ

.
פֿולן קאָפּ. אָ אַ פֿולע שטוב. "חבֿרה האָבּן

אָנגעל אַרעמט אַ גאַנצע נאַכט".
ʼ
אָנליבּן — אקוזוו. ליב אָן, ~געליבּט פֿירן

.
אַ סך ליבּעס. ליבּן אַ סך, בּמשך פֿון אַ
לאַנגער צײַט. „אַזוי פֿיל ליבּעס האָט נאָך קיין
שריפֿטשטעלער ניט אָנגעליבּט", בּ. דיווקין,
אונדזערע פּראָזאַאיקער.
געוויינלעך מיט ז י ך — זיך אָנזעטיקן מיט
ליבּע. האָבּן געווּג ליבּע. „זיך אָנגעשפּילט,
זיך אָנגעקושט, זיך אָנגעליבּט און זיך
צעגאַנגען".
אָנליגן — אוטוו. ליג אָן, בּ י ן ~געלעגן.
1. ליגן פֿעסט, צוגעפֿאַסט, אויפֿן ריכטיקן אָרט.
„ווען די רצועה זו ענג... איז דשׂ מן דז בּית
גאָר ניט ציהן קאַן און דר שטערן צו דז גאַנץ

האַרט פּעסט אַן ליגט — איז גוויש רעכט“,
עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796,
פּרק לה. 2. שייך זײַן. אָנגעהערן. וואָס
אָנליגט — אַרכ. וואָס שייך, וואָס איז נוגע.
”וואשׂ שׂכירות אָ, מוז דשׂ... ניט צו הויך

אַן פֿאנגן,,, פּבֿ□ 1764 [ענגליש, ייִד, היסט,
געזעלשאַפֿט, □י3 .[XXXI. טרוו. לאָזן ליגן אַ
לענגערע צײַט. אָ, ווינטערעפּל. אָ, קאַרטאָפֿל
בּיז זיי ווערן כמעט קאַליע. 4. דערפֿירן
דערצו אַ גליד זאָל אײַנשלאָפֿן. אָ, אַ פֿוס.
מיט ז י ך — ליגן אַ סך, אַ לאַנגע צײַט בּיז
ניט ווען (דאַרפֿן) מער. זיך אָ, נעבעך אין
אַלע שפּיטאָלן. ,,געַנוג זיך אָנגעלעגן! שטיי
שוין אויף“.
אָנליגן — דאָס. מצ נבֿ. אַרכ. ענין, עסק.
בּאַגער, בּקשה. ,,איך ווייש אַך וואול וואַרום
דוא טרויאריג בּישׂט. אונ, איך אַך וואול דײַן
אָ, דאשׂ דוא גערן יום טובֿ דער היים ווערשׂט,,,
מבֿ, מעשׂה קעג. אויך: אָ'הייט — די, ־ן.
”ער זיצט בּײַא זײַנר גמאַלין, ער לאָזט איין
טיפֿן זייפֿצר. זי בּיט, ער מעכט איר זאָגן זײַן

אָ'‘‘, איין שיינע וןאונדערליכי היסטאָרייע פֿון
איין פּישערס זאהן, זולצבאַך, יאָר?
אָנליגנערן — טרוו ־ער אָן, ▯,געליגנערט.

▯

אָנדערציילן אַ סך ליגנס. ,,הער נאָר וואָס דו
האָסט דאָ אָנגעליגנערט‘‘, יודל יאָפּע, פֿרישע
קויכעס, מאָסקווע 1940.
אָנליגעניש — דאָס, ־ן. אַרכ ← אָנליגן,
דאָס. ‘‘איך הוב איין גרושׂ אַן ליגינש. דרום
הוב איך תּפֿילה געטאָן צו גוט,,, דאָס ט▯טש
עשׂרים וארבע, פּראָג תּל,,ד.
אָנלידלען — טרוו. ־דל אָן, ~געלידלט.
אָנזינגען אָדער אָנשרײַבן אַ צאָל (אַ סך) לידלעך.
,,ער האָט שוין אַזוי אָנגעלידלט צוויי ביכער,,.
אָנליובויען זיך — אוטוו ־יע זיך אָן, זיך
▯,געליובויעט. סל. 1. דזוו אָנליובען זיך.
2. דזוו אָנליובעווען זיך.
אָנליובעווען זיך — אוטוו ־עווע זיך אָן,

.

זיך ~געליובעוועט. רוסיצ. אָנפּרייען זיך.
אַנקוויקן זיך ביים אָנקוקן. ,,מיט דער
זעמל אַנקע... האָב איך זיך גאָרנישט געקענט
י

זאַט אָ'", ה אַקערמאַן, טמז, 3 1968 II.
אָנליובען — טרוו ־בע אָן, ־י.,געליובעט.
אָנצערטלען, אָנליבן. "פֿאָרן וועל איו דיך
באַגלייטן / פֿונעם טויער ביז צום באַן. /
אָנגעקושט און אָנגעליובעט / ביז דער פּאָיעזד איז
אוועקגעגאַן,, פֿל.
—
,
מיט ז י ך — אָנליבן זיך ←.
אָנליווערן — טרוו. ־ער אָן, ,געליווערט.
צושטעלן, ליווערן אַ סך (סחורה). אָ, אַלץ וואָס
מע דאַרף אויף פּסח. ,,דער הורטאָווניק האָט
אָנגעליווערט פֿולע פּאָליצעס, אָבער קיין קונים
שמעקן ניט אַרײַן,,..
אָנליוכען — אוטוו. ־כע אָן, ~געליוכעט.
אָנגיסן, נאַס מאַכן. אָנפּליוכען. אָנפּישן. ,,דאָס
קינד האָט אָנגעליוכעט אין וויגעלע", רייד
(גראָדנע).
אָנליי — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנלײַען ←.
-
הלוואָה. אינעווייניקסטער אָ'. פֿינף־
פּראָצענטיקער אָ'. "דאָס נײַע מיניסטעריום... וויל מאַכן
איין אָנלײַהע [דטשמ, נר] אויף דעם חשבון

פֿון דער מדינה„, ק□ו, 11 1863, No. —אונג.

אָנלייגן

אָן לייבּ און (אָן) לעבּן — אַדוו פֿראַזע.

--

אַן □יות, אָן ווערט פֿרגל□ אָן הענט און (אָן)

□ . □

פֿיס. „נאָכן דריטן חורבּן איז אונדזער פֿאָלק
געבּליבּן אָן ל, און ל'„. “מע האָט אַזוי
אַרומגעשניטן דעם פּלאַן אַז ער איז געבּליבּן אָן
ל, א, אָן ל'„. „איר וואָלט זען, רבּותי, די
גאַנדז... אָן אַ קעפּל, אָן פּיסלעך, אָן אַ הויט,
אָן ל, א, אָן ל'“, יכנה„ז, ייִד,
פֿאָלקסבּיבּליאָטעק, 1 1888' No.

אָנלייגן — טרוו. לייג אָן, ~געלייגט.

1. אַרויפֿלייגן אַ סך. אָ, גרויסע פּאָרציעס שפּײַז
אויף די טעלער(ס). אָ, אויפֿן טיש פֿון
כּלטובֿ. אָ אַ סך פּאַרבּ אויפֿן לײַוונט. “ער עפֿנט

,

סלאָאיקלעך טערפּענטין און ליאַק, לייגט אָן
שטיקלעך וואַקס“, ייִז, 'אַלט־שטאָט,.

2. אָנלאָדן. איבּערלאָדן. אָ, צו פֿיל אַרבּעט
אויף די פּועלים. „אויף פֿערד איז דאָ אַ חבֿרה

וואָס גיבן אַכטונג מע זאָל ניט אָ, צו פֿיל משׂא“,
ש. בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָס, אַדעס
1887. „האָב איך... אָנגעלייגט אַ פֿולן וואָגן,
איבער דעם פֿערדס כּוחות“, ומוס, 'דער חילוף'.
“זיי [די אומות־העולם] האָכן אויף די כּנסת
ישׂראל אָנגעלייגט אַלע שווערע זאַכן„, משה
אַהרן גליקמאַן מליקאָווא, בּרכי נפֿשי, וואַרשע
.1898

3. צונויפֿלייגן איינס אויף דאָס אַנדערע.
אָנהויפֿן. אָ אַזוי פֿיל ביכער, מע זאָל ניט
קע,
נען זיי אַוועקטראָגן. אָ, אַ קופּע האָלץ אויפֿן
ווינטער. אָ, בּינטלעך היי.

4 פֿונאַנדערלייגן. באַלייגן אַלע מעגלעכע
.
ערטער. אָנוואַליען. אָ, בלעטלעך אויף אַלע
זיצפֿלעצער. “ער האָט אָנגעלייגט זײַנע ביבער
אויף אַלע טישן און שטולן“.

5. אָנפֿילן, אָנשטאָפּן. אָ אַ פֿולן טשעמאָדאַן
,
מיט בּגדים. אָ, אַ זאַק מיט עסנוואַרג. אָ, וואַטע
אין די אַקסלען פֿון דער מאַרינאַרקע. אָ, קוילן
אין אויוון. אָ, דעם מאָגן. „מען עסט זיך אָן

מיט די באָקסערן, מיט טייטלען און מע לייגט
אָן פֿולע קעשענעס מיט ארץ־ישׂראל־ערד“,
ממוט, מסעות. ”דער רשע מיט זײַן תּאוות
אַכילה נאָר אָנצולייגן אַ סך פֿעלט אים תּמיד

,

בויך“, ססי I, מה. *אָ, פֿולע קעשענעס מיט
גאָלד = ווערן רײַך. אָ, (דעם) ח ו מ ר = עסן
אַ סך.

6. צולייגן. צוטאָן. „ווען איין פֿרויא איין
קינדליין אַן ליגט צו זויגן, זא זייגט זיא צום
ערשטן אַן דעם לינקן ברושׂט“, יוסי ון, אַמשט
1661, נג. ”זי נעמט אַרום דעם פֿאָטער מיט
אירע הענטלעו און לייגט אָן דאָס קעפּל אָן
זײַן ברוסט“, מ. בורשטין, גורל.

7. אײַנשטעלן. פֿאַרלייגן. עטאַבלירן.
צוגרייטן. אָ אַ נײַ געשעפֿט, אַ וואַרשטאַט א 1.

,

„אַזעלכע פּיסטלען האָט פֿאַוולאָוו אָנגעלייגט
דורך ווער באַק־הויט אין די שפּײַעכץ־דריזן„,
געז, ווילנע 3 1939, No. ”אַזוי ווי זײַן סדר
וואַר אַז ער האָט זונטיק בראָנפֿן אָנגעלייגט...
ביז פֿרײַטאָג“, איין ווינדרליכי מע ה פֿון
מדינות אַפֿריקי, אַרט? יאָר? “... הש“י

גידאַנקט דאז איך... אין מײַן ביטריפֿטין

אַלאָנלייגן

מנה שטאַנט וואול אנגיליגט צו האבין“, גה, 300.

8. צוגעבן, צובויען, אָנשלאָגן. ”דאָס הויז נאָך ניט פֿאַרטיק, מע דאַרף נאָך אָ, דעם דאַך„. אָ, לאָדנס אויף די פֿענצטער. אָ אַ קליאַמקע

,

אויף דער טיר. 9. באַשטײַערן, אָפּשאַצן די גרויס פֿון שטײַער (אויף אַרויפֿצולייגן). אָ, קאָנטריבוציע. „דיא דא היא וואונן אַן חזקה... דיא זאָלין דיא שמאים אויך אַן ליגן איין סך קצוב לשנה נאָך איר פֿר מיגן“, תקק. ”וואו זי איינן האבן אַן גיליגט דא טערין זיא דר נאָך ניט משנה זײַן„, דאָרטן.

1O. אָנווענדן. אויסנוצן. „האָבן אַל דיזי פֿסוקים צו גאייגינט אונ, אַן גליגט אויף דען כבֿוד פֿון דען בישעפֿר יתברך„, חה, אַמשט 1716, כד/ב. ”דיא חכמה צו גוטם ווייש אַן צו ליגן“, טח, שמות, לה, 31. „וועז זי [די ווײַבער] אירי ריד צו אונויץ [= אומנוץ] אַן ליגט... זא מויכטן זיא ליבר ניט גיבאָרן זײַן“, בראַנט,

פֿרק ב. „אַלשׂ וואז דער מענש אין זײַנר מאַכט
האָט זאָל ער אַן ליגן תּורה ומצוות מקיים צו
זײַן“, ▯ה I, כב/ג. „און ניט חלילה מיר זאָלן
אונדזערע עשירות אָ, צו גאווה טרײַבן, צו
הערשן איבער עניים“, ▯רה בת טובֿים, תּחנה
שלשה שערים, ווילנע 1864. „... ווילן זייער
צדקה אָ, ניט אַבּי דעם אָרעמאַן פֿטור צו
ווערן“, קמ, 1863, ▯
.No 21

11. אָנווערן. צולייגן געלט. אָ, אַ העלפֿט פֿון
קאַפּיטאַל. אָ, דעם נדן. *אָ, מיט די זײַטן,
מיט די באָקעס (אויך: מיטן באָק) = אָנווערן
אַ סך געלט.

אָ, וו ע ג = גיין מיט אַן אומוועג, מיט אַ
▯
לענגערן וועג. „פֿון מורא, אַז עמעצער פֿון זיי
וועט אים באַגעגענען לייגט פּענעק אָן וועג,
גייט אַרום און אַרום“, בערג, באַם דניעפּער I.

אָ, צ ײַ ט = א) פּטרן צײַט אומזיסט,
אומנייטיק; טאָן אַן אַרבעט צו לאַנג. „געוואַרט
אויף דיר אַ גאַנצע שעה, סתּם אָנגעלייגט צײַט„;
ב) אַרכ. אויסניצן די צײַט. „איינר ווערט זאָגין:
העט דיזר דאָך זײַן צײַט בעשׂר קענן אַן ליגן“,

שיני ארטליכי גישי□ כטין, אַמשט תּע“א, הקדמה [ייִבּל XIII, 5־6].

12. אַרכ. אָפּזעצן, פֿאַרקויפֿן. „האבּין דאַך שטיק מעות תּוך אַמשטארדאַם עם גוטי רווחי, אַן גיליגט“, גה, 123.

13. אײַנלייגן, אַוועקלייגן. דעפּאָנירן. „איך הבּ בּײַ מיר איין גרושׂי סומי... איך וויל מײַן געלד וואול אַן ליגן“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו, 1796, פּרק ח. „בּײַ אים אָ, אָרעמע נדן־געלטער, ער זאָל דערנאָך קאָנען בּאַנקראָטירן“, א. מאָרגענשטערן, עגל הזהבֿ, וואַרשע 98□1.

14. אָנטאָן. אָנקליידן. „ווען איינר איין נאַיו קלייד אנלעגט, זו שפּריך: 'תּכלה ותּחדש',„ אבּ, שמות דבֿרים, איזנע 1542. „ווען איך דיך הון דר שלאָגן זוא ליג איך דײַן הארניש אַן“, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 366. „ויהי אונ, עז וואַר אם טאָג דעם דריטן אונ, זיא אסתּר ליגט אַן קלייד דז קיניגרײַך„, □וח, אסתּר, ה, 1. *ווײַס אָ, = זיך אָנטאָן אין ווײַסן וו אַ סימן אַז די
י

פֿרוי איז ריין נאָך נידה. ,,אבֿר ווען זי שוין
ווייַשׂ אַן גליגט האָט מעג זי וואַל אין דיא שול
גיאן“, עח, כט/ב. ,,זאָג מיר וויא האָט ער זיך
אבֿר גהאַלטן ווען דוא האשׂט ווייַשׂ אַן גלייגט,,
[אין די זיבֿן ,וויַסע טעג, האָט נאָך ניט
געטאָרט זיַן קיין פֿאַרקער], מבֿ, מעשׂה א.
15. בּאַשטימען. איַנאָרדענען דורך אַ
בּאַפֿעל. בּאַשטראָפֿן. אָ אַ האַרבֿע שטראָף. ,,דער
,
קייסער האָט געהייסן אָ, 3 חדשים טרויער
דער גוואַרדיע און דעם גאַרניזאָן“, קמ, 1865,
.No 10
16 פֿאַרפֿולן אַ נאָרמע, אַ סכום. ,,[גאָט]
.
זאָל אים צושיקן ערלעכע אָרעמעליַט אין שטובֿ
אַריַן, אַז ער זאָל אָ, זיַן צדקה“, משה אַהרן
גליקמאַן מליקאָווא, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898.
17. אָפּלייגן. פּד. ,,מע האָט תּנאָים געשריבֿן
און... אָנגעלייגט די חתונה אויף 4 וואָכן
שפּעטער“, ז. מוירער, זיַ נישט קיין ווארילער
יונג II, טאַרנאָוו 1925.
18. אין פֿאַרשיידענע אידיאָמאַטישע

אויסדרוקן. *אָ אַ פֿײַער = מאַכן אַ פֿײַער. אָנקלײַבן
'
האָלץ, צונויפֿלייגן און אונטערצינדן. „און, זיא
האבּן צווייא פֿײַאר אַן גיליגט אויף צווייא
הויפֿן„, צאינה, שופֿטים. „ער האָט אַפֿילו ניט
געהאַט אַ פֿײַער מיט עפּעס אָנצולייגן. ער האָט
נישט געהאַט פֿאַר נישט האָלץ צו קאַפֿן“, איין
שיינע היסטאָריע פֿון דרײַ בּרידער, לבֿובֿ [סוף
18. אָדער אָנהייבּ 19. י„ה]. „טייל לייגן אָן
אַ פֿײַער דעם ערשטן טאָג יום־טובֿ פֿאַרנאַכט
[עס זאָל בּרענען אויך דעם צווייטן טאָג]...
דאָס איז אַן עבֿירה„„ מ טייטלבּוים, ספֿר מע ן
טהור, אָרט? יאָר?
*שוין ווידער אָנגעלייגט = א) אָפּגעטאָן אַ
נאַרישקייט; בּ) ווידער געמסרט, אויסגעטראַכט
אַ בּלבּול פֿאַרשפּרייט אַ רכילות.
'
*אָ, אַ קופּע = (אַקטיאָריש, גראָבּ) קאַליע
מאַכן אַ ראָלע. דורכפֿאַלן מיט אַ פֿאָרשטעלונג.
*אָ, אַ קאַרק, אַ קאָלנער, די זײַטן =
אָנבּייקערן, שלאָגן, הרגענען. געבּן קלעפּ. „
פֿאַרנאַכט... ווען ער גייט... אַהיים קען מען
אים אין גאַס אָ, אַ קאַרק“, ש בּעקערמאַנן, די
געהיימניסע פֿון אַדעם, 1885.

אָ, (אַ) קלאָג = קלאָגן, וויינען. ,,מע האָט

וידער דער דאַמע גרויס קלאָג אָנגעלייגט און מע האָט איר געלאָזט מאַכן אַ טרומנע אויס העלפֿנביין,,, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839.

*אָ, מיטן קאָפּ = א) אָנווערן אַ סך געלט. פֿאַרלירן כּוחות, געזונט. ,,פֿון דעם מסחר וועט ער שיין אָ, מיטן קאָפּ‘‘; בּ) זיך סטאַרען בײַ דער אַרבעט. אַוועקלייגן כּוחות. ווערן אויסגעמוטשעט. אָ, מיטן קאָפּ צו מאַכן חיונה. ,,און דו — גיי לייג פֿאַר זיי דעם קאָפּ אָן‘‘, פּמ, מלחמה , ג) אומקומען. שטאַרבן. ,,נישט דערלעבן זאָלט איר עס. גיכער וועט איר ביידע מיטן קאָפּ אָ',,, ממוס, פּישקע. ,,פֿאָר בשלום. דײַן פּריץ וועט בקרובֿ אָ, מיטן קאָפּ,,, ייִל דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. קללה: אָ, זאָלסטו מיטן קאָפּ = ווער געהרגעט. ,,דער אַדוואָקאַט...

אָנלייגן זיך

מיטן קאָפּ זאָל ער אָ', איז ווי אַ בּלעכענע צדקה־פּושקע. וואַרפֿסט... ניט אַרײַן קיין מטבע, טוט זי... ניט קיין קלונג‘‘, בּערג,

באַס דניעפּער II.

*אָ, אין די יאָרן — פֿאַרקירצן די יאָרן.

ממיתן. „דער פּאָליסמאַן האָט מיט זײַן
גראָבער האַנט אים אַ כאַפּ געטאָן בײַם גאָרגל —
דו ווילסט איך זאָל דיר אָ, אין די יאָרן„,
ד. האָפּשטיין איבּז, עפּטאָן סינקלער, סאמועל
דער אמת־זוכער, קיִעוו 1928.

*אָ, אין קאָלנער = אָנמאַכן אין קאָלנער.
אָפּנאַרן. אָ, אין די הויזן, אין די פּליודערן =

זיך באַמאַכן. „איידער וואָס־ווען, האָט מען
שוין אָנגעלייגט אין די פּליודערן. מע לויפּט
ווי די כאָליערע נעמט זיי“, ה. דאָבּין, סאָוו,
היימלאַנד, 3 3□19, No.

אָנלייגן זיך — ← דפּוו 1. צו די בּבּ 1 —
5. „לייג זיך ניט אָן אויף מיר, ס'איז מיר
שווער“. “צעשטיפּטע שנייעלעך האָבּן זיך
אָנגעלייגט אויף די ווײַזערס פּונעם קהלשן
זייגער“, א. קאַרפּינאָוויטש, בײַם ווילנער
דורכהויף, תּ אָ 1967. “צוואַנציק יאָרהונדערטער פּון

יִדישער דערנידערונג האָבּן הײַנט זיך
אָנגעלייגט אויף מיר", בּערג, בּאַם דניעפּער II. „אם
הושענא־רבּה נאָם דער דאָזיג דער דא הט צדקה
געבּן דיא אתרוגים אונ, ליגט זיך איין זאַק
פֿול אַן", מחזור ר"ה ויו"כ, הומבּורג 1721,
קעב/א. „לייבּעלע לייגט זיך אָן אַ ליולקע
טערקישן טוטין", טעיאַטאָר.
2. אָנשפּאַרן זיך. זיך האַלטן אויף (אין)
עפּעס. אָ, זיך אויף עמעצנס צוזאָג. „אַ...
טעראַסע אויף וועלכער עס לייגט זיך אָן אַ...
בּאַלקאָן", מ בּורשטין, גורל.
3. (מיט פּרעפּ א ו י ף) זיך אָנזעצן. ניט
אָפּלאָזן בּיז מע דערגרייכט וואָס מע וויל. צו
פֿיל פֿאַרלאַנגען פֿאָדערן. אָ, זיך אויף אַ קרובֿ,
— — ,
חבֿר אע. אָ, זיך אויף אַ י ר י ד (ח ג א אע)
= אויסניצן ווי ווײַט עס לאָזט זיך נאָר צו
לייזן (מיט אַ בּײַטעם פֿון צו להכעיס די
קאָנקורענטן). אָ, זיך אויף עמעצן און אים
בּאַגראָבּן. "מע האָט זיך אינגאַנצן אָנגעלייגט
אויף [אים]... דאָס קומט מען פֿון
הכנסתכּלה, דאָס איז פֿון שול", ש. בּעקערמאַן, טרײַער
משרת, וואַרשע תּרמ"ג. „האָבּן זיך אויף איר

אָנגעלייגט; געבּעטן, גערעדט, בּאַשיט מיט קושן און מתּנות,,, ייִז'... אַשכּנזי. ,,[זיי] לייגן זיך אויף אונדז ניט אָן, מיר זאָלן בּײַטראָגן צו זייער פֿילאַנטראָפּיע,,, גרינ,... טאָגבּוך.

4. נעמען אויף זיך. זיך פֿאַרפֿליכטן צו עפּעס. אָ, זיך מצוות. אָ, זיך אויסצוהאַלטן די יתומים. ,,עס איז גאַנץ רעכט אַז איטלעכער מענטש זאָל זיך אַליין קנס אָ, ווען ער ניט גייט אין שול אַרײַן‘‘, איבּז, רבּינו יונה, ספֿר היראה, ל□וב 1851.

5. זיך קאָנצענטרירן. ‘‘האָבּ איך זיך אָנגעלייגט... אויף דרײַ מינוט‘‘, צײַט בּײַם ציטירן דאָס לשון פֿון הרבֿ מליאַדי, פֿון ספֿר לשמע אוזן ווײַזט אָן: ,,אויף אונדזער לשון וואָלטן מיר אפֿשר געזאָגט: זיך קאָנצענטרירט,,.

אָנלײַגן

6. (פֿרגל בּ3) צעקריגן זיך. בּרוגז ווערן, (לאָקל, וולאָצלאַוועק). ,,איך וויל זיך נישט מיט אים אָ',,, ייִפֿאַ, 1939, 2.

־ונג. ־עכ□ן — פֿאַרבּ־אָ'. ־עניש —

1. שווערקייט. שווער געמיט. ,,איך האבּ מער זורג אונ, אַן לעגינש אַלשׂ אייניר אין דער

גנצי וועלט,,, גה, 166. ,,איך הוב איין גרוש
אין ליגינש, דרום הוב איך תּפֿלה גיטאן צו
גוט“, דא□ טײַטש ע□tרים וארבע, פֿראָג תּל“ד.
2. ענין. אָנגעלעגנהייט. ,,אײַער אַן ליגנש האב
איך נון וואול געהערט,,, מב, מעשׂה קפֿח.
־ער — ,,אָ'ס אויף מײַן קאָפּ!“, אַבֿרהם
קאַהאַן, בראָכשטיקער, כאַרקאָוו 1930. “אַן אָ, וואָס
וויל נישט אַרבעטן, אַ ייִד וואָס ליגט גאַנצע
טעג אין די קאַפֿען,,, ש. איריס, אָט אַזוי האָט
מען געשפּילט טעאַטער, ב,,א 1956. ,,קויפֿט
איר שוין יאָ אַן אָרעמען בעל־עגלה אַ פֿערד,
טאָ קויפֿט... אַ בעל־פּרנסה, ניט קיין אָ'“,
א. שעכטמאַן, ער□.
אָנלײַגן — אוטוו. לײַג אָן, ~געלײַגט.
אָנדערציילן ליגנס. אָפּנאַרן. ,,ער לײַגט אָן אין
איין טאָג וויפֿל אַן אַנדערער אַ גאַנץ לעבן,,.
“איך, ליבר הער, איך הון אויך אַן גילוגן“,
שמואל־בוך, סטראַפֿע 850.
אָנלייגעריש — אַדי. וואָס איז ווי ביי
איינעם וואָס לייגט זיך אָן. אָ'ע טענות.
אָנלײַדן זיך — אוטוו & אַקוזוו. לײַד זיך אָן,
-
זיך ~געליטן. דורכמאַכן במשך פֿון אַ
לענגערער צײַט אַ סך לײַדן, יסורים, צרות. אָ, זיך

פֿון שׂונאים. אָ, זיך פֿון הונגער און נויט. אָ, זיך נגישות, באַליידיקונגען. אָ, זיך גרינערהייט. „קענט איר זיך דען פֿאָרשטעלן וואָס די ייִדן פֿון שארית־הפּליטה האָבן זיך אָנגעליטן?“.
„איבערגעוועזן אין גענוג שטעט, האָב מיך אָנגעליטן גענוג צרות און פּײַן„, ממוס, פּישקע.
אָ, זיך ג ל ו ת — “איך האָב זיך גוט
אָנגע
ליטן גלות, אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלערליי שטעטלעך“, ממוס, ,בישיבֿה של מטה!.
אָנלייזן — טרוו. לייז אָן, ~געלייזט. 1.
אַרײַנקריגן אַ סך לייזונג. פֿאַרקויפֿן אַ סך סחורה און קריגן געלט. „צוויי מאָל אַ יאָר אויף די ירידן פֿלעגט ער אָ, פֿאַר אַ גאַנץ יאָר“.
2. פֿיג. קריגן קלעפּ, שמיץ. „חבֿרה האָט גענוג אָנגעלייזט פֿון רבין, פֿלעגן קומען אַהיים
ברוין און בלוי„.. אויך מיט ז י ך. ־עכ ן.
אָנלייטן — טרוו. לייט אָן, ~געלייט.
צולייטן. צושמעלצן. צופּעסטיקן דורך לייטן.
אָ, דרעטלעך אין טראַנזיסטאָר ראַדיאָ. „דער קופּערשמיד האָט אָנגעלייט דאָס אָפּגעבראָכענע הענטל פֿון טאָפּ“. „די פּקעים... זײַן ניט ביזונדר גיגאסין און, דער נאָך אַן גיליט אודר

24. גיסולדירט גיווארדן", סהמ, מלכים א, ז, 24.
אָנלייכטן — טרוו. לײַכט אָן, ~געלײַכט.
--
אַ ביסל צולײַכטן. ליכטיק מאַכן. אָ, דעם
פֿינצטערן קאָרידאָר. „און, דז איז גמילות חסד
דז מן ליכט אָן אין פֿינסטרי גאַשין דז זיך
די לײַט ניט זולן שטאסן", בראַנט, פּרק ל.
אָנלייען — טרוו. לײַ אָן, י.,געליִען (~געליגן,
-
פּד)]. אָנבאָרגן. צונויפֿלײַען (פֿאַר זיך) אַ

1]94

סך בײַ פֿאַרשיידענע פערזאָנען. „ער קען אַפֿילו
ניט אָפּצאָלן דעם פּראָצענט פֿאַרן געלט וואָס
ער האָט אָנגעליִען,.. „דאָס גאַנצע געלט האָט
ער אָנגעלען בײַ זיך אין שטאָט", ספּ, ייִדישער
קאָלאָניסט. „איך האָב שוין בײַ אַלע שכנים
אָנגעליִען האָלץ... קיינער וויל שוין מער ניט
לײַען", ש. בעקערמאַן, די יודישע קאָזאַקין,
אַדעס 1886 פּיג. אָ, אידייען, טעמעס אע.
—
.
2. אַרכ. אויסלײַען אויף אַ ווײַל דעם זעלביקן

חפֿץ צו פֿאַרשיידענע פֿערזאָנען פֿיל
פֿינגר. ,,
ליך אונ, פּערליך... עז דען ארמן כלות אַן
גיליהן,,, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, מז/ב.
מיט ז י ך — ,,האָט זיך דעמאָלט אָנגעליִען
אַז די האָר פֿונעם קאָפּ זענען ניט געווען זײַנע“,
ש. ש. גרינפֿעלד, דיא ארמע געבּילדעטע, ווילנע
1896. “משה האָט געזאָגט די ייִדן, אַז זיי זאָלן
זיך אָ, בּײַ די מצרים גאָלדענע און זילבּערנע
כּלים“, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער
יונג II, טאַרנאָוו 1925. ־עכ ן. ־עניש.
אָנלייענען זיך — אוטוו. לייען זיך אָן, זיך
~געלייענט. לייענען אַ סך, פֿאַרשיידנס.
לייענען וויפֿל נאָר מעגלעך, מער ווי נייטיק,
מער ווי מע קאָן פֿאַרדײַען. ,,זי האָט זיך
אָנגעלייענט מיט שמרס ראָמאַנען און חלומט וועגן
איר פּרינץ,,.. אָ, זיך ווי אַ פּויק. ,,אים
פֿאַר
שפּאָרן די מי אָנצולייענען זיך וו אַ פֿויק מיט
י
אַ סך ס רים וואָס אין תּוך אַרײַן זײַנען אַלע
גלײַך,,, ממוס, א סגולה.
אָנלייקענען — אוטוו & טרוו ־קן אָן, ..,

גע.
לייקנט. לייקענען אַ סך. אָ, (אין) אַלץ אין וואָס מע באַשולדיקט ־דנג.
.
אָנליכטיקן — טרוו ־טיק אָן, ~געליכטיקט.
-
נעאָל אָנפֿילן מיט ליכט. שטאַרק ליכטיק מאַכן. „ער האָט אָנגעליכטיקט און באַגײַסטערט„, חייס פּעט.
אָנליכעווען — אוטוו. ־עווע אָן, ..„געליכע דועט. סל. אוקר. אָנטאָן אַ סך צרות. אָנטאָן עמעצן שלעכטס. אָ, דער שכנטע.
אָנליניעווען — טרוו ־עווע אָן, ~געליניעוועט. מאַכן אַ סך ליניעס. אויסלינירן. אָ, ד אַלע
י
בייגעלעך פּאַפּיר. אָ, די נײַע גרענעצן.
אָנליניע(נ)דיק — אַדי. פּפֿ: ~ליניק. וואָס איז אָן ליניעס. אָ, פּאַפּיר. אָ'ע סיסטעם אין מוזיק.
אָנליעפּען — טרוו. ־פּע אָן, „געליעפּעט. אָנקלעפּן. אָנשמירן. אָנפֿורעמען פֿון ליים. אָ, די װענט מיט אַפּישן. אָ, ליימענע געטשקעלעך.
אָנליפּען — ← אָנלופּען. אָ אַ קינד =
אָנ,

שמײַסן.
אָנליפֿערן — ← אָנליווערן.
אָנלישען — סרוו ־שע אָן, ~געלישעט. ל2
.
< אָנגלושען? אָנשלאָגן עמעצן מיט אַ פֿויסט, בײַטש.
אָנלעבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנלעבן. פֿאַרמעגן וואָס מע לעבט אָן. „ער דערלאָזט ניט... קיין פּריוואַטע אָ„ קיין ספּעקולאַציע“, א. קאַנטאָר איבז, שמועסן וועגן לעניניזם, מאָסקווע 1934.

אָנלען

אָנלעבן — טרוו. לעב אָן, ~געלעבט. סל קריגן, אָנזאַמלען אין לויף פֿון לעבן. אָ, אַ פֿאַרמעגן. אָ, געשווירן אין מאָגן. „האָט אָנגעלעבט זײַן גאַנצעס געלט פֿון גנבֿה און גזלה“, ב. א. זאַביעזענטקי, די שווערע צײַט יI, וואַרשע 1887. „דאָס זײַנען קינדער, וואָס האָבן אין די פֿײַכטע... קעלערס — אָן ליכט און אָן זון — אָנגעלעבט ראַכיטס“, פֿגעז, ווילנע 13 1927, No.
„אָפּצוגעבן... צו זײַן זון... וועלכן ער

האָט אָנגעלעבּט ניט בּהיתּר... פֿון אַ
שוועסטער‟, מבם הוגה דעות II, ווילנע 1912.
מיט ז י ך — 1. ספּעצ בּשײַכות מיט רײַך
ווערן. נתעשר ווערן. זיך אָ, אויף יענעמס
חשבּון. „אים ווילט זיך גבֿירות אָ'‟, ייִפּאָל,
52 1887, No. „מלחמות צו פֿירן אָדער
אײַזנבּאַנען צו בּויען פֿון וועלכע עס האָבּן זיך

,

אָנגעלעבּט נישט אַ קליינע צאָל קאַפּיטאַליסטן,„
בּונד, וואָס וויללען די סאָציאַלדעמאָקראַטען אין
רוססלאַנד , זשענעוו 1900. „די
פּאַרעכאָדטשיקעס, וואַלד־סוחרים, מעקלערס? זיי ווילן
זיך אָ,
דאָ אין דער היים‟, ש. בּרעגמאַן, דורך קריג און
רעוואָלוציע I, אַדעס 1931. 2. זיך אײַנשאַפֿן.
אָ, זיך גוטע פֿרײַנד.
אָנלעדערן — טרוו ־ער אָן, ~געלעדערט.

.

בּאַדעקן, איבּערציִען מיט לעדער. אָ, דעם
פּאָטערשטול.
אָנלעווירן —־ סרוו ־וויר אָן, ~(גע)לעווירט.

(גנבֿים־לשון) אַראָפּקוקן. אָנקוקן, אויסקוקן
וואו מע קען גנבֿענען. „[ער] דרייט זיך דאָרט

פֿון אַ גאַנצן אויף דערנאַכט, ער האָט שוין
גרט אָנלעווירט", בימקאָ, גנבֿים, וואַרשע 1919.
אָנלעזן זיך — דטשמ דזוו אָנלייענען זיך.
אָנלעכערן — טרוו. ־ער אָן, ~געלעכערט.
מאַכן אַ סך לעכער. אָ, די ווענט מיטן
אַרײַנהאַקן טשוועקעס. אָ, די רעדער פֿון אויטאָ.
אויך: ~לעכלען.
אָנלען — דער, ־ען. 1. לען. רוקן און זײַטיק
ווענטל פֿון אַ שטול, אַ באַנק. פֿאָרענטש.
געלענדער. אַן אָ', באַצויגן מיט פּליוש. מלל
פֿאַרטײַטשט 'מסעד, (מלכים א, י, 12): „איין אַן
לען" [תּי. „געלענדערס"]. „דער קראָקעווער רבֿ
זיצט אָנגעשפּאַרט מיטן שטרײַמל אויף דעם
א, פֿון שטול", פּרץ פֿאָלקסט, געשיכטן. „[זי]

,

איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף ן שטול, איר
אָרעם פֿאַרוואָרפֿן איבערן אָ'", ח. אַיאַלטי, איק,
ר"ה תשכ"ד. „וואָס העכער... אַלץ מער האָט
זיך געוואַקלט דער אָ',„ באַש, בית־
דינשטובֿ.
2. אָנשפּאַר. שטיץ. זוכן אַן אָ, אין לעבן.
אַן אָ, פֿאַר דער פּרנסה. אַן אָ,„ אַ קרעפֿטיקונג.
„דער שליסלביין איז אַ גוטער אָ, פֿאַר דער

פֿאַרבינדונג פֿון דער האַנט מיטן אַקסלבלאַט“,

ט. בערלס, מענטש־מאַשין, ק עוו 1927. „דער האַר, גאָט פֿון צבֿאות, טוט אָפּ פֿון ירושלים און פֿון יהודה אַן אונטערלען און אַן אָ',„ תּ׳, ישעיה, ג, 1. [„סשען ו שענה'.] „ס'האָט מיט וואַלד, ווי מיט אַן אָ, וויינענדיקערהייט זיך צום ים אַוועקגעלאָזט דער אַלטער דניעפּער“, פּמ,

אָנלענונג

מלחמה 3 .I. אַ ראַיה, אַ סמך פֿאַר אַ באַהויפּטונג פֿאַר א געדאַנק. געבן אַן אָ, צו זײַנע

, - —

רייד. 4. עמעצער וואָס מע קען זיך שטיצן אויף אים, וואָס העלפֿט, האַלט אונטער. ער איז דער איינציקער אָ, פֿון (פֿאַ) דער גאַנצער משפּחה. „[ער] איז דער אָ, פֿון שטעטל“, ז שזר, טמז, 4 19 I I ו 9.

אָ׳־ב ע ט. אָ׳־דראָנג (דרענגל). אָ׳־וו ע נ ט ל. אָ׳־שטאַב — „דז ענד פֿון דען אַן לען שטאב“ [„את קצה המשענת'], סהמ, שופֿטים, ו, 21. אָ׳־ש ט ו ל. אָ׳־ש ט ע ק ן. טרעפּ(ן)־אָ, — „אָנכאַפֿנדיק זיך אויף דעם טרעפּן־אָ',

אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן אויף די שטיגן,,, ווײַס, דאָס שטעטל פַּיס־אָ, — דער פַּיס־אָ, פֿון בעט.

אָנלענונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנלענען (זיך). אָן אָ, אין דער לעצטער מינוט. 2. דזוו אָנלען. מלל פֿאַרטײַטשט 'על משענת הקנה הרצוץ, (ישעיה, לו, 6): ,,אַן לענונג,, [תּי: ,,אויף דעם שטעקן...“]. ,,מן קאַן אויף הקכּ,,ה ניט... איין בּיהעפֿטונג אודר איין חבֿרותה אודר איין אַן לענונג“, [סידור] תּפֿלה למשה..., דעסוי l696. ,,דען דאָס איז דאָך אונדזער עיקר־כּוונה אַז מע זאָל האָבּן אַ גוט האַרץ און דערויף איז דאָס אָ, וואָס מיר פֿאַרלאַנגען,,, חה. ,,... צו שטייאן וועַן איין אַן לענונג דערבּײַא איז“, עיון, לז/ב. ”האָט דיא בּרוך קיין בּשליסיק גלענדר אַדר איין אַן ליינונג“, בּע, ח/ג.

אָנלעניק — אַדי. נעאָל, סטוטש וואָס מע קען זיך אויף דעם אָנלענען. אָ'ער פֿאַרקאַן. אָ'ע בּאַווײַזן ־יקייט.

אָנלענען — טרוו, לען אָן, ~געלענט. 1. אָנשפּאַרן. אָ, דעם קאָפּ אויף די קישנס. אָ, די הענט אויף די קני. ,,אויף (לשון הקודש) הייֹשט

עז (היסבה) דא זאָל דער (בּעל בּית) דרויף
זיצן אונ, אַן ליינן,,, עפּש, סידור תּפִילות,
אַמשט תּקח, קמג/א. ,,אונ, אַך פִיל פֿון רומיים
האָבּן לייטרשׂ גבראַכט אונ, האבּן זיא אַן גליינט
אַן דיא ווענט,,, יוסיפון, אַמשט 1743, רכו/ב.
,,בּײַ דער טיר האָט ער... אָנגעלענט זײַן
פּנים אָן מיר,,, אַש, תּהילים־ייִד.
2. (אין אַ צאָל אויסדרוקן) קריגן אָדער
זוכן שטיץ, אַן אָנהאַלט. אָ, דעם קאָפּ. ,,כ'האָבּ
אומעטום דאָך אָנגעלענט מײַן קאָפּ און האָבּ
געאַנט — ס'איז מײַן היים,,, אסתּר שומיאַטשער,
אין שעדוען פֿון ליבּשאַפֿט. *אָ, (מיט) די הענט —
אַרויפֿלייגן די הענט אויף עמעצן בּײַם בּענטשן,
בּײַם צוגעבּן מוט, צו שטאַרקן. טוו פֿאַר
,סמך,. ,,מיט מײַנע הענט קאָן איך אים געבּן
חכמה מיט דעם וואָס איך לען אים אָן מיט
מײַנע הענט,,, נחב, 'מעשׂה מהז, בּעטלירס'.
“יהושע דער זון פֿון נון איז געווען פֿול מיט
דעם גײַסט פֿון חכמה, ווײַל משה האָט
אָנגעלענט אויף אים זײַנע הענט“, תּי, דבָרים, לד,
9. [לויט דעם טראַדיציאָנעלן פֿאַרטײַטשן ,סמך
את ידיו'.]
3. אַנשטאָט אונטערלענען, בּ (← 748).
*אָ, דאָס ה אַ ר ץ = איבּערבּײַסן. אָפּעסן. ,,גאָט

פֿון מענטשן,,, א מ. גליקמאַן, ספֿר ברכי נפֿשי, וואַרשע 1898.

אָנלענען זיך — ← דפֿוו 1. זיך אָנשפּאַרן. זיך אָנהאַלטן אָן עפּעס. זיך אָ, אויף אַ שטעקן, אויף עמעצנס פּלייצע פֿר צײַטן

,,

האָט מן זיך פֿלעגן אַן צו לעהנן אויף דער לינקי זײַט, ווען מן געשן האָט,,, סהמ, עמוס, ב, 8. ,,דער (בעל תּוקע) מוז זיך היטן דז ער זיך אויף ניקש אַן לעהנן בשעת התּקיעה, דען דשׂ מוז שטעהנדיג גישעהן,,, מחזור ר״ה ויו״כּ, הומבורג 1721. ,,דא שטײַגט ער אַראָב פֿון דשׂ פֿערד אונ, ליינט זיך אַן אויף די אכסלין...,,, יוסיפֿון פֿיורדא 1764, קכ/א. ,,אויף מײַנע

,

איינזאַמע שויבן האָט זיך אָנגעלענט די נאַכט,,, י. אַדלער פֿאַש, 18 l952 I.

,

2. זיך צושפּאַרן, זיך צולייגן אַ ביסל. ,,און לענט אײַך אָן אונטערן בוים,,, תּי, בראשית,

יח, 4. ,,האָט זיך אַוועקגעלייגט אָ, אויפֿן בעט‘‘, אַש, תּהילים־ייִד.

3. זיך פֿאַרלאָזן. זיך אָנפֿאַרטרויען. זיך שטיצן אויף עמעצן. ,,און זיי וועלן זיך אָ, און פֿאַרלאָזן אויף גאָט,,, ישעיה, פּ▯רוש עבֿרי־טײַטש, לעמבערג 1877. ,,רבונו־של־עולם, איך טו מיך אָ, אָן די י,,ג מדות,,, איין נײַע שס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. ,,ווער אָן איר [דער חכמה] לענט זיך אָן איז אים אַז וואויל,,, מס, משלי תּקע‘‘ד, ג, 18. ,,אויף וועמען האָסטו זיך איצט אָנצולענען אַז דײַן ברודער וויל טאָן אַזאַ פּראָסטן שידוך,,, י. בודזאָהן, אַ מע▯Iה פֿון אַ רבֿ..., ווילנע 1927.

4. זײַן אָפּהענגיק. ,,כ'האָב דיך דערקענט, אויף דיר זיך אָנגעלענט — איז גליטש זיך ניט אַרויס פֿון מײַנע הענט,,, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

5. זיך אָנזעצן. זײַן אַ לאַסט. ,,ווייניק שטייט זי שלימזל אויס פֿון אַנדערע, זאָל איך מיך נאָך אויף איר נעבעך אויך אָ',,, ממוס, קליאַטשע

6. זיך סומך זײַן. האָבן אַ ראַיה. ,,ביז אַהער האָט בײַ אונדז געפֿעלט... וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשאַרבעטן, וואָס זײַנען אַ תּנאַי קודם למעשׂה, וואָרעם אָ'דיק זיך אויף זיי קענען

געשאַפֿן ווערן די גרויסע סינטעטישע אַרבעטן,,, ידיעות, ייִוואָ, ווילנע 3 l938, No־4.

I. ‎ווערק אַלע מק, ,,ווייכע אָ'ן,,, — ן‌עכ־ ענישׂ. ער־ — ווער עס העלפֿט אונטער. טרעגער. ,,ער זעלבשׂט טרוג אַזו שווער, וואָרום ער ניט איין אָ, [אין טעקסט: אגלעניר] נאַם....,,, ספֿר משלים II פּפֿדמ 1686, נג/ב.

,

אָן לעצט — אַדוו פֿראַזע. אָן אַ סוף, אָן אַן ענד, אָן אַן אויפֿהער. ,,האָט ער דערציילט פֿאַר אַלע ווי אַזוי דער בורא ית, האָט אים מציל געווען ביז אָן ל',,, דאָס פֿאַלשע ווייַב, לעמבערג תּרס,,ז.

אָנלעקן — טרוו. לעק אָן, ...,געלעקט. 1. אַ ביסל אַ לעק טאָן. "לאָמיך אָ', וועל איך וויסן דעם טעם,.. 2. לעקן אָ סך, אַ צאָל. אָ, קאָנווערטן, פּאָסטמאַרקעס. מיט ז י ך — לעקן ביז איבערגענוג. אָ, זיך מיט אײַזקרעם.

אָנלעשן

אָנלער — דער. מצ נב. דזוו אָנלערנונג. בצג, טאָג, 15 1957 I. אויך: אָנלערן — דער.

אָנלערנונג — די, ען. 1. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אָנלערנען. אַן אָ, ניט צו
פֿאַרגעסן. 2. אויפֿגאַבע פֿאַר אַ שילער
אויסצולערנען. וויסנשאַפֿט. ראָכקינד־שקליאַר ווב.
אָנלערנען — טרוו. לערן אָן, ...,געלערנט.
1. לערנען אַ סך, אָן אַ שיעור. "הײַנט וואָלט
עס טאַקע געווען אויך גאָרניט קיין פֿרײלעכער
עסק, ווען מיר זאָלן זיך נישט באַניצן
דערמיט, וואָס די צײַט האָט אונדז אָנגעלערנט אין
לעבן,,, ממוס, אַ סגולה.... 2. אויסלערנען,
צורײדן, באַאײַנפֿלוסן עפּעס צו טאָן (ס'רובֿ
צום שלעכטן). ,,דער יצר־הרע דער זאָל אָ, (פּיך)
דײַן מויל צו רידן אַז דיא ריד וואשׂ דוא
רעטשׂ,,, סהמ, איובֿ, טו, 5. ,,אָן השי,,ת זאָלסטו
אַ בטחון האָבן, האָב איך דיו אויך הײַנט
אָנגעלערנט,,, מס, משלי תּקע"ד, כב, 19. "מוז
מען דעם אַרעסטירטן ביז דעם מ פּט
אַרויסלאָזן, סײַדן... ער וועט אַנטלויפֿן אָדער אָ,
די עדות", ב ב־קי, אונזערע פֿאָדערונגען,
זשענעוו 1905.
3. באַשטראָפֿן. געבן אַ חלק, אַ פּסק. מע זאָל
פֿאָלגן (מע זאָל עפּעס ניט טאָן). אָ אַ תּלמיד
,
ער זאָל זיצן רואיק. אָ, די קינדער צו פֿאָלגן.

האָט זי אים אָנגעלעתט! אָ, מע זאָל האָבן צו געדענקען אַ לעבן־לאַנג. אָ, דעם אַפּיקורס, אַרײַנלייגן אים אין חית (חרם); אָ, ד אַנטיסעמיטן, זיי געבן די ריכטיקע לעקציע. „און איז מיט זײַן כּבֿוד אַליין צוגעגאַנגען צו משהלען מיט דער דעה אים אָנצולערנען„, ממוס, ווינטשפֿ. „זי מוז אים אַזוי אָ„, ער זאָל שוין מער קיין תּחית־המתים ניט קענען אויפֿשטיין„, י. פּערלע, גילדענע פּאַווע. *אָ, אַ פּ אַ ס (י ק) = שלאָגן מיט אַ רימען.

4. זיך נוקם זײַן. זיך אָפּרעכענען. „געוואָר ווערן ווער דער הינטישער מחבר איז, מע זאָל אים אָ"", יפּ. „די מאַמע מיטן טאַטן האָבן געליאַרעמט, געשריִען און געזאָגט: זיי מוזן ר, עזריאלן גוט אָ, און צונעמען בײַ אים דעם חדר„, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע. „ער האָט געשוואוירן נקמה צו נעמען, ער וועט זיי אָ„, אונטערצינדן איינס באיינס„, אָפּאַ, לינטשערײַ'. גראָב: אָ, זײַנע פֿראַנצעוואַטע ביינער.

מיט ז י ך — 1. לערנען (זיך) איבערגענוג. „אָך און וויי צו אונדזערע טעג, צו אונדזערע יאָרן! גענוג אָנגעלערנט זיך אויף דער ערד, לעבעדיקערהייט זיך דאָ צו באַגראָבן„, ממוס,

ספֿר הבהמות. *אָ, זיך אַ פֿולן בויך = גוטמוטיק אָדער איר. 2. פד. גאַלי צִיע. אַנשטאָט אָפּלערנען זיך. נר. „מײַן קינד זאָל זיך נישט אָ, דעם רשעס מעשׂים“, יפּ. „זי איז גלאַט אַ הולטײַקע און פֿון אַזעלכער לערנט זיך קײנער ניט אָן„, י. האַלפּערן, שײנדעלע, וואַרשע 1913. ־עכ ן — “די קאָנפֿערענץ דאַרף זײַן אַן אָ, פֿאַר די... ייִדישע קולטורטוערס“, פֿאָרויס, מעקסיקע, אָקט, 1962. ־ערײַ.

אָנלעשן — טרוו. לעש אָן, ..־,געלאָשן. עפּעס צוגרייטן דורך אײַנלעשן. אָ, האָלץ צו האָבן האָלאָוועשקעס. אָ, וואַפּנע.

אָנלצעווען

אָנלצעווען — [... לעצ...] אוטוו. לצעווע אָן, י„געלצעוועט. אַ סך לצעווען. זיך וויצלען. חוזק מאַכן. אויך מיט ז י ך.

אָנלקהונג — [... לאַקכונג] די, ־ען. קאַל ווב. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנלקח(נ)ען. אַ כסדרדיקע אָ'.

אָנלקה( )ען — [... לאַקכענען] לקחן, לקחע אָן; ~געלקחנט, ~געלקחעט. (אין פֿאַרשטעלטן לשון) אָנגנבֿענען, אָנלאַטכענען. קומען אין

קראָם ניט צו קויפֿן, נאָר אָנצולקחנען וואָס עס
לאָזט זיך. אויך מיט ז י ך. אָנלקהער.
־ערײַ.
אָן לשון — [... לאָשן] אַדוו פֿראַזע. אין
אויסדרוק: כּ ל ײַ בּ ן אָן לשון — ניט זײַן בכּוח
(ניט האָבּן וואָס) צו ענטפֿערן, עפּעס צו זאָגן.
בּלײַבּן שטיין (זיצן) אָן ל'. "דער גאַנצער עולם
איז געבּליבּן שטיין אָן ל', זייער דערשראָקן,,,
בּינטשע די צדקתטע, וואַרשע 1883. ,,איך בּין
פֿלוצלינג אָן ל, געבּליבּן, האָבּ קיין צײַט ניט
געהאַט אָנצוזאָגן. .", ל. יאָסעלאָוויץ, ר,
עזריאל .., ווילנע 1892. ל י ג ן אָן ל, — זײַן
פּאַראַליזירט.
אָנמאָבּיליזירן — טרוו ־זיר אָן, ~(גע)
מאָבּי.
ליזירט. מאָבּיליזירן אַ סך, מער ווי מע
דאַרף. אָ אַלע מענער בּיז 50 יאָר אַלט. אָ,
אַפּילו האַלבּע קאָליקעס.
אָנמאַגאַריטשעוען — טרוו ־טשעווע אָן,
,מאַגאַריטשעוועט. פּפֿ: ~מאָה(אָ)
ריטשעוועט. אוקר, וורר. ו[ק]a[Ma: >
ו[ק]o[Mo: >. געבּן עפּעס אויף

מאַגאַריטש בײַם קויפֿן־פֿאַרקויפֿן, בחינם, וו אַ
י

צוגאָב. אָ, קעלישקעלעך בראַנפֿן. אָ, ביר.
מיט ז י ך — ”ער האָט זיך
אָנגעמאָהריטשעוועט ביזן סאַמע בערדעלע“, אי. קיפּניס
איבּז,
שמייכלען, כאַרקאָוו 1929.

אָנמאַגנע□טיזירן, ־טעוועט — טרוו ־זיר,
.
־טעווע אָן; □י.,(גע)מאַגנעטיזירט, ־טעוועט. מאַכן
עס זאָל קריגן מאַגנעטישע אייגנשאַפֿטן. אָ,
אײַזן. אויך □יג אָ, דעם עולם.

אָנמאַדזש(ג)ען — טרוו. מאַדזש(ג)ע אַן,
□,געמאַדזש(ג)עט. אַנמאַזשען. אָנפּאַטשקען.
”זאָל זי נישט פּאַטשקען דעם פּרצוף און אָ“,
ב. רעסלער, טמז, 4 1□19 □XI. ־עניש.

אָנמאָדלע(ווע)ן — אוטוו & טרוו ־לעווע אָן,
.
~געמאָדלעוועט. אַדויסברענגען אַ סך
ניטייִדישע געבּעטן. אָ, אין דער נאַכט פֿון פּאַסכאַ.

אָנמאַז □ די, ־ן. □Mhd: âmei. אַרכ דזוו
אַמייס(ן), אַמייז□ע). מוראַשקע. ”וואשׂ דיא
לושׂפּרן דיא אַנמאַזן אונד וואשׂ דוא ערצילן דיא

בינן“, הבחור חנוך בר, צבִי הירש איבז, אגרת בעלי חיים הענא 1718. .. אומייסן, 595;
אונמאַס, 7)8.
אָנמאַזאָליען
ליען. אויך: ~מאָזאָ—
— טרוו ־ליע אָן, ~
געמאַזאָ.
ליעט. פּפֿ: ~מאָזאָ
ליעוען. אָנמאַכן מאַזאָליעס. אַן אַרבעט וואָס וועט אָ, די הענט פּיג. “[ער] האָט גענוג
.
אָנגעמאַזאָליעט דעם מאַרך טראַכטנדיק וועגן אָט דער גאַנצער שרעקלעכער און אומקלאָרער

1596

געשיכטע“, נ. קאַבאקאָוו איבז, יאַקוב קאָלאַס, זומפּ, מינסק 1936. *אָ, די אויגן = קריכן
יענעם אין די אויגן. זיך וואַרפֿן אין די אויגן
ניט אפֿטרעטן. *אָ, די אויערן פֿאַרהאַקן,

פֿאַרטומלען דעם קאָפּ מיט צו פֿיל רייד.
אָנמאַזשען — טרוו ־זשע אָן, ~געמאַזשעט.
.
1. אָנפּאַטשקען. שלעכט אָנמאָלן. אומריין
שרײַבן. "גייט מען צום רבֿ.. ? דער סופֿר
ווירענס די צוועלף ווירעס: און מאַזעט אָן די
צוועלף שורות [שרײַבט אָן אַ גט]", הירש
רייטמאַן, דער קיטטעל. "ניט ווערט די לײַוונט
וואָס אויף זיי איז דאָס אָנגעמאַזשעט", באַש,
פֿאָר, 2 .2 XII 1967. שלעכט אָנשמירן מיט
אַ פֿאַרב. אָ, די וווענט מיט אַ מיתה־
משונהקאָליר. 3. אָנשמירן מיט אַ זאַלב, מיט
קאָסמעטיק. ,,זי האָט אָנגעמאַזשעט דאָס פּנים,
זאָל מען מיינען — זי איז יונג".
אָנמאָטלען — טרוו. מאָטל אָן, ~געמאָטלט.
פּד אָנפֿלאַפּלען. ריידן אין דער וועלט אַרײַן.
ריידן לשם ריידן. "וואָס פֿאַר אַ פֿאַלשע פּרטים
איך האָבּ אָנגעמאָטלט... וועגן יענע לעצטע
מינוטן", י טיגער, דער צדיק און דער בעל תּשו ? ה
אָנמאָטען — טרוו. מאָטע אָן, ~געמאָטעט.
אויך: ?,מאָטעווען. אָנוויקלען אויף אַ
מאָטיק, אַ שפּול. אָ, באַוול אויף אַ מאָטיק.
אָנמאַטערן — טרוו ־ער אָן, ~געמאַטערט.

.

אַ סך מאַטערן. אָנמוטשען. פֿאַרשאַפֿן

מאַטערניש. אָ, די אויגן פֿון צו פֿיל לייענען. אָ, די

פֿיס מיטן גיין אַ לאַנגן מהלך. אָ, די אַרבעטער.

"האָט מען זי אָנגעמאַטערט און אָפּגעלאָזט",

רעד, אַקש, 14 אָקטיאַבערט, מאָסקווע 1931.

מיט ז י ך — זיך אָנלײדן. זיך אָנמןטשען. זיך

אָנשטרענגען און ווערן שטאַרק מיד. ווערן

אויסגעמאַטערט פֿון האָרעוואַניע. זיך

אָנאַרבעטן און זיך אָ'. זיך אָ, ביז מע געפֿינט די

לייזונג פֿון דער פּראָבלעם. „גאָט גיט ניט דעם

טויט אין די הענט: פֿאָרן טויט מוז מען זיך

אָ'", שוו. "ווער ווייסט וויפֿל איך וועל זיך אָ,

ביז דער טויט וועט מיר באַפֿרײַען", א י. סאַפּיר

אויס מינסק, חטאת הקהל... I, ווילנע 1881.

אָנמאַטער. ־ונג. ־ניש. ־ער.

אָנמאָטרען — טרוו ־רע אָן, ~געמאָטרעט.

.

פּ ~מאַטכען, ~מאַטכינען, י.,

מאָטרענען. (קלעזמער לשון) אָנקוקן. אײַנקוקן

ז ך. נ פּרילוצקי, רשומות, אַדעס תּרע"ח. י

טריוואַקט בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923.
אָנמאָטשען — טרוו ־טשע אָן, ~געמאָטשעט.

אויך: ~מאָצען. סל. 1. אָנווייקן. מאַכן
נאַס. אָ, און אָפּרײַבן די בלאָטע. 2. אָנפּישן.
אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָנמאַכט — די, ־ן. 1. צושטאַנד, געפֿיל פֿון
זײַן אָן מאַכט. "דער טרויער פֿון וויסן, די אָ,
פֿון צווייפֿל, שנ, ייִד, שרײַבער אין סאָוו,
רוסלאַנד. "אָבער די אָ, פֿון דער מאָראַל קאָן
זײַן שטאַמט ניט פֿון דער שוואַכקייט וואָס ליגט
אין דער טבֿע פֿון אָט דער דערשײַנונג", זשיט
II, נ"י 1912. 2. פֿולשטענדיקע פֿיזישע
שוואַכקייט. צושטאַנד פֿון חלשות פֿאַר אָ, האָט
זי זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס", ספּ,

גליקאָנמאַכן

ליכע אומגליקליכע. "אָ',... קאָפּשווינדל —
דאָס קאָן נישט גערעכנט ווערן פֿאַר
געפֿערלעך", איבז, דער אוצר פֿון געזונד און לעבען,
וואַרשע 1908. *פֿאַלן אין אָנמאַכט(ן) = חלשן.

אָנמאַכטיק — אַדי. וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין
מאַכט. . אָנמעכטיק. דער אָ'ער ענגלישער
קיניג. ־יקייט — „דאָס מיינט מען די
תּפֿילה פֿון איין עני וואָס ווענדט זיך אַרום מיט
אָ"", לט2, כד/ב.
אָנמאַכן — טרוו. מאַך אָן, ~געמאַכט. 1. מאַכן
אַ סך, מער ווי נייטיק. אָנגרייטן פֿאַרן
שפּעטערדיקן געבֿרויך. אָ, פּירע(ז)שקעס. אָ,
היטעלעך פֿאַר אַלע חדר־ייִנגלעך. אָ, עסן וואָס וועט
קלעקן אויף אַ וואָך צײַט. אָ, קניידלעך,
לאַטקעס אאַזוו. (אָנ)מאַכן פּיש = אָפּשאָבן,
אויסריינניקן און צושטעלן קאָכן. „אַבֿרהם איז געווען
אַ שינדער, יצחק — אַ בלינדער און יעקבֿ האָט
אָנגעמאַכט אַ זאַק מיט קינדער" פֿוול, שפּאַסיק.

,

"צי דען בין איך אַ מלאך־המות אָדער אַ
געניטער דאָקטער וואָס זאָל קענען אָ, אַ סך מתים
אין שטאָט?", זבֿ, דער קליינער כּל־בּוניק, אַדעס
1885. „דער שוסטער מאַכט נאָר שטיוול. ער
מאַכט אָן וואָס מער און וויל זיי דערנאָך
פֿאַרקויפֿן", ס. דיקשטיין פֿון וואָס איינער

—

לעבט, זשענעוו 1900.
2. אָנפּעסטיקן. אָנהענגען. אָנקלאַפּן. צובויען.

א, פֿליגלען צום הויז. אָ אַ גאַניק. אָנהייב
,

ווינטער אָ, די טאָפּעלע פֿענצטער. אָ, לאָדנס.
אָ אַרבל (שנײַדערײַ). „מאַכט אָן אייבערשטי -
,
לעך, אַלקערס אין דער זײַט“, ממוס, שירה.
„האָט ער בּיפֿאָלן מן זאָל איין מזוזה אַן
מאַכין„„ עפּש, דרך הישר לעולס הבּא, פּפֿדמ
תּמ״ה?, יח/א. „וועז ער העט דרינען [אין
הויז] גיוואונט דרײַסיג טעג, איז ער מחויבֿ
מזוזות אַן צו מאַכן“, ר, שלמה זלמן לונדן,
קהלת שלמה, אמשט תּק״ד. *אָ, צ י צ י ת —
אײַנמאַכן, אַרײַנמאַכן ציצית, צוטאָן ציצית צו
אַרבּע־כּנפֿות, צו אַ טלית. “מן האָט אים ערשט
מוזן אַנדרי ציצית בּרענגן אום אַן צו מאַכן“,
מהמ, אמשט 1722. “אויבֿ מען אָנמאַכט ציצית,
מוז מען די זוימען אַרום די כּנפֿה וואו די
ציצית ווערן אָנגעמאַכט אַוועקשנײַדן“, הרבֿ א.
בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864.
3. אויפֿטאָן. צוגרייטן. פֿאַרטיק מאַכן. אָ,
דעם אויסשטײַער פֿאַר דער כּלה. אָ, פֿון

כלהגדולות. אָ, פֿאָנען. אָ, רייזעלעך. „חבֿרה האָט
עס אַנגעמאַכט, זיי, נאָר זיי די ישועה האָבן
אים געבראַכט“, ממוס, יודל. אָ, אַ קינסטלעכן
רעגן. ▯דעם מאַן סורפּריזן אָ'“, יעקבֿ
גאָלדשטיין, בײַ דער יונגער מוטער, לאָדז 1912.
„די זון שײַנט אויף דער גאַנצער וועלט...
מאַכט זי אָן היצן“, עט▯ לידער. „דוא ווײַשׂט
ניט איין מאָל דיא פֿערבֿ אַן צו מאַכין אונ,
וויא ווילט דוא דען מאַליריא פֿר שטיין“, ר, בער
אייבשיץ, באר־ש▯ע, ב“י 1742.
4. מאַכן שלעכט, גאָר גיך, אַבי ווי. אָ,
פֿלעקן. אָ, גרײַזן. אָ, לידער אָן אַ טעם און אָן
אַ (ג)ראַם. אָ אַ פּלאָנטער, אַ פֿאַרדרייעניש.

,

„אויסבעסערן, אויסרייניקן פֿונעם מיסט [
אונדזער זשאַרגאָן] וואָס אייניקע אומגעבילדעטע

אָנמאַכן

און טאַלענטלאָזע קליינע שרײַבערלעך... האָבן
אָנגעמאַכט„, אבג, 'זכרונות', יוד,
פֿאָלקסביבליאָטעק I, קיִעוו 1888. *(אָנ)מאַכן בולבעס =
(אַקטיאָריש) פֿאַרדרייען פֿאַרפּלאָנטערן רייד

בײַם שפּילן אַ ראָלע.

5. אָנטאָן, פֿאַרשאַפֿן עפּעס נעגאַטיווס. אָ, אַ שאָדן. אָ, היזק. [לאַקל: ער האָט אָנגעמאַכט = באַנקראָטירט.] אָ, חובֿות [זיך מערקן: מע קען נ י ט 'אָ אַ רווח, א]. אָ, אַז ענגשאַפֿט. „מיר וועלן זען וואָס האָט דער נעכטיקער ווינט אָנגעמאַכט אין גאָרטן איבער די בלומען„. ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865, ז, 60. *אָ, וואַסער אין אויער = רעדן צו הויך, צו פֿיל. *אָ אַ ב י ת ־ ע ו ל ם (אַ תּשעה, באָבֿ, אַ שחיטה) = א) דערפֿירן צו עפּעס וואָס איז זייער שלעכט, וואָס איז אַן אומגליק; ב) ספּעצ צו אַ גרויסן אָנווער. רעקוויזירן און אָ אַ שחיטה. *אָ אַ ש א ל ה = זײַן ניט

אָפּגעהיט, אַז מע זאָל מוזן זיך ווענדן צום רבֿ מיט אַ שאלה.

6. פֿאַרשאַפֿן, גורם זײַן אַ פּײַנלעכע איבערלעבונג. אָ, צרות, יסורים, לײַדן חרפּות אע. [זיך מערקן: מען קען נ י ט ,אָ, פֿרייד, אע.] אָ, שרעק, אַ מורא אע. „דער מלך איז זיך זעלבערט מקדים צו אים אַרויס און, מאַכט אים

אַ מורא אָן,,, □צ1, כא/ג. ,,די דאָזיקע מעשׂה
האָט אָנגעמאַכט אַזוי פֿיל יסורים זײַן װײַבֿ“,
ממוס, מסעות. ,,דאָס אַלץ האָט אויף זײַטיקע
מענטשן אָנגעמאַכט אַן אימה,,, דער אמת,
באָסטאָן, 7 1895, No.

7. [כמעט אידענטיש מיט ב6] אָרויסרופֿן אַ
געפֿיל (געוויינלעך עפּעס וואָס איז אומבאַקוועם,
אָבער אויך אַזוינס וואָס קען זײַן נייטראַל).
אָ אַ חשק. אָ אַפּעטיט. אָ אַן איבערקערעניש

, , ,

אין □אַרצן. אָ, אַ מישענינע אין קאָפּ. אָ, אַ
שמאַרץ, עגמת־נפֿש אע. ,,מאַכט אָן אויף דעם
ייִדנס נשמה עפּעס אַ מרה־שחורה“, ממוס,
שלמה. אָ, אַ דרייעניש (אין די קישקעס) =
אומאיידל אויך: אַרויסרופֿן האַרצווייטיק.

8 פֿאַראורזאַכן אָדער אינגאַנצן דורכפֿירן

.

עפּעס וואָס ווירקט אין דעם אַרום (און וואָס
איז געוויינלעך שלעכט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון
ריידער). אָ, אַ טומל, טרעוואָגע, גוואַלד,
האַרמ□דער, רעש, באַלאַגאַן אע. אָ, אַ מישמאַש. אָ,
אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער. *אָ אַ גאַנצע

'
י ע ל ה (אַ ויצעקו) = מאַכן אַ טומל, אַ געררייד
איבּער עמעצנס אַ וואָרט, איבּער אַן
אומוויכטיקער סיבּה. *אָ, שוואַרץ־שבּת = מאַכן אַ
סומאַטאָכע, צעשטערן די רו, אַפֿילו גורם זײַן אַ
צרה אום שבּת [געניצט אויך אויפֿן
אינדערוואָכן!]. אָ, אַן אמתן ק אָ ך. אָ, אַ ר ע ש =
אויך: אַרויסרו ▯ פֿן אַ סענסאַציע (אויך אַזאַ וואָס
געפֿעלט). „דעם רעש וואָס סטעמפּעניו האָט
אָנגעמאַכט, קומענדיק ערגעץ אין אַ שטעטל...
און ▯ וואָס קאָכעניש. ▯. איז גאָרנישט צו
באַשרײַבּן„, שע.   *אָ, אַ וו י נ ט , אַ (גאַנצן)
י ר י ד = זיך טומלען, קומען מיט אַ סך פּוסטע
פּלענער. „מאַך ניט אָן קיין ווינט, פֿאַרדריי
▯ דיר דײַן אייגענעם קאָפּ„.   ▯ אָ, אַ י ק ר ו ת
▯ אויף הינער (גענדז, פּופּיקלעך אע) = איר, עסן

זייער פֿיל. „זי האָט אָנגעמאַכט אַ גוואַלד אַז
ס'זענען זיך אָנגעלאָפֿן אַ פֿולער הויף מענטשן„,
ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895. “האָט
דער חסידיזם געקאָנט אָ ▯ ילו בײַ מתנגדישע

רבּנים צונעמען די קינדער און אָ, אַן אמתן
חורבן אין אַ מתנגדישער משפּחה,,, יק. *אָ,
אַ (גאַנצע, אמתע) ח ת ו נ ה = שאַפֿן אַ טומל,
צעמישעניש, צונויפֿלויף פֿון מענטשן אע. *אָ,
אַ שפּיל = דז.

9. אינסטיגירן. אויפֿהעצן. דורכפֿירן דאָס
צו וואָס מען איז אויפֿגערייצט געוואָרן. אָ אַ

,

קריג, קריגערײַ, אַ מחלוקת. אָ, אַ ברוגז, אַ
בייז (שלעכט) לעבן. אָ, בייז בלוט. אָ, אַ
מרידה, אויפֿשטאַנד, רעוואָלוציע אע. אָ אַ פּאָגראָם.

,

,,אַ טויטער מאַכט קיין קריג ניט אָן,,, שוו. ,,די
מדבּרים מאָכן אָן קריג צווישן דע'ם מלך און
צווישן דע'ם,,, נחב, ,מעשׂה מחכם,. ,,די פּוחזים
האָבן אַזוי די הריגה אָנגעמאַכט אין בית־מדרש
אַז דאָס בלוט איז גערונען איבער דער שוועל,,,
מע◌ה אומן. ,,זי מאַכט מיר נעבעו אָן אַ בייז
לעבן, איך קען מיר גאָרניט אַן עצה געבן,,, מ.
שלײַפֿשטיין, וויכנע דזואָשע, וואַרשע תּרס"ג.
,,אַז איינער האָט געשלאָגן זײַן ווײַב — ווער
האָט עס אָנגעמאַכט? [זי!],,, י. ד. טאָיב, דער
קדיש..., ווילנע תּרמ,,ט. *אָ, אַן ע ס ק —

אי וועגן אַ קליינעם ענין, אי
פֿאַרשטעלטערהייט וועגן גאָר אַ וויכטיקן און אַפֿילו
בלוטיקן
ענין. אָ אַ ק אַ ש ע = שאַפֿן אַ פלאָנטער,

,
פֿליאָטקע, אינטריגע און יעדע מין
פֿאַרדרייעניש. אָ, אַ י ע ר ע כ ץ = (גאַליציע)
אָרויסרופֿן אַ קריגערײַ.
1O. דערפֿירז צו דעם וואָס איז שמוציק. דער
רעגן וועט אָ, אַ בלאָטע. די פֿור האָט
אָנגעמאַכט אַ שטויב. „די בלאָטע וואָס מע האָט פֿון
אַלטע צײַטן אָנגעמאַכט — דאָס מוז בלײַבן„,
ממוס, מסעות. אָ, אַ ה ק ד ש , אַ
חזירשטאַל = זייער שטאַרק פֿאַראומרייניקן אַ שטוב.
אָ אַ ח ו ר ב ן = א) אָנוואַרפֿן, אָנרײַסן אע.

,
„אָ, אַ חורבן אין שול, צעברעכן די בענק,
אויסהאַקן די פֿענצטער„. אויך: אָ אַ פּאָגראָם;

,

ב) ברענגען אין אומאָרדענונג. אָ, אַ חורבן
צווישן די פּאַפּירן אויפֿן טיש. אָ אַ מ ו ש ב=

,

זייער שטאַרק אָנשמוציקן. אָ, אַ ג ע מ י ט = פּד. א) בּרענגען אין אומאָרדענונג; בּ) פֿאַרשאַפֿן שוועריקייטן.

*אָ, אין די ה ו י ז ן (פּלודערן) = אומאיידל, א) אַנשטאָט דעם גראָבן אָנדאָסן. „אַ קינד פֿון איבּער דרײַ יאָר און מאַכט נאָך אָן אין די הײַזלעך„; בּ) זיך דערשרעקן. „אַנדערע, זיי דערזעען אַ הונט, מאַכן זיי בּאַלד אָן פֿולע הויזן„, בּערג, בּאַם דניעפּער I. „זיצן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ טויטן — וואָלסטו גאַנץ שיין אָנגעמאַכט אין די הויזן“, בּאַש פֿאָר, 1965

,

19 XI; ג) דורכפֿאָלן בּ אַ געשעפֿט, אָנווערן

׳

אַ סך. אויך בּשײַכות מיט יעדן וויכטיקן פּראָיעקט וואָס פֿאַלט דורך. אויך: אָ, א ו נ ט ע ר זיך, אָ, אויפֿן געזעס, אָ, פֿולע הענט. אויך: אָ, — אָן שום צוגאָבּ.

*אָ, אויפֿן ק אָ פּ (אין קאָלנער, אין היטל און קיטל). אָ, אין ק ו ג ל = בּאַשווינדלען,

אַנמאָלן

אָפּנאַרן. „אויבּ מע וועט אים אויפֿן קאָפּ

[מיטן ערשטיקן און צווייטיקן], וועט ער אויך ניט וויסן וואָס מיט אים טוט זיך“. *אָ, אין די קרויט = (אומאיידל) געניצט ווי אַן ענטפֿער, ווען מע קדמט מיט טענות. „וואָס טשעפּעסטו זיך צו אים? ער האָט דיר אָנגעמאַכט אין די קרויט?„.

11. אָנלאָזן. אָ, אַ רויך, אַ טשאַד אע. אָ, אַ געשטאַנק אע. * אַ ט ש אַ ד , אַ ס וו אָ נ ד = אויך: צעטומלען, דערפֿירן צו עפּעס וואָס מע דאַרף זיך מיט דעם שעמען. *אָ אַ געסרחה

,

——

(אַ שטונק) = ווי פֿריִער, אויך: אונטערהעצן, פֿאַרפֿירן אַ מיאוסע אינטריגע. אָ אַ פֿ ײַ ע ר =

,

-

א) אָנצינדן, אָנלייגן. „דאָשׂ פֿײַער דשׂ מן פּפֿלעגט און צו מאַכן זיך צו ווערמן„, ש נריר,

לו, 22; בּ) מאַכן אַ שׂריפֿה. „איין שפּענדל
קען אָ, אַ שׂריפֿה„, שוו. „קענסט נאָך חלילה
אָ, אַ פֿײַער„; ג) אַרויסרופֿן אַ קריגערײַ, אַ
מחלוקת, אַ מלחמה. „קען עס ווערן אויס סוד
און דער ענין וועט אָ אַ פֿײַער אין דער
גאַנ,

צער שטאָט„.
מיט ז י ך — זיך אָ, שוועריקייטן,
קאָמפּליקאַציעס אע. זיך אָ, אַ צרה, אַן אומגליק.
„וואָס ער אַליין האָט זיך דערמיט אָנגעמאַכט —
אַ גאַנצע איבּערקערעניש אין שטוב“, ממוס,
ווינטשפֿ ־ונג ־עניש ־ער (־ין —קע).

. . . ,
־ערײַ.
אָנמאַכעריש — אַדי. וואָס איז פֿון (בּײַ)
אַן אָנמאַכער. אָ'ע געשעפֿסן ־קייט.
־

אָנמאַכרען — טרוו ־רע אָן, ~געמאַכרעט.

.
זן וורר. ‎[‎]Ma‎:‎<. אָנפּאַקן, אָנשטאָפּן,
אַרומנעמען מיט (אָפּפֿאַל בּון) וואָל, מיט
פֿעדערן, מיט שמאַטעס. „דער טאָקער בּאַקומט
אָ לצעוודיק אויסזען, אָנגעמאַברעט (פּאַרטיציפּ)

און מיט טאָקעכץ באַוואַקסן ווי אַ משונהדיקער באַבוק,,, זש, דער ממזר.

אָנמאָל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנמאָלן II. דער גאַנצער אָ'.

אָנמאַלאַכאַיען — טרוו. כאַיע אָז, ~ געמאַלאַכאַיעט. פּעיאָ וועגן אָנמלאָכהן. אָ, קרומע בענקלעך. אָ, אַ פּאָר שיך וואָס מע קען ניט אָנטאָן.

אָנמ(אָ)לויצען — טרוו. ־צע אָן, ׳ י.,געמ(אָ)־לויצעט. וורר. אָנדרעשן. אָ, קאָרן.

אָנמאַליעווען — טרוו ־ליעווע אָן, ~ געמאַ׳ ליעוועט. פּעיאָ. אָנפֿאַרבן, אָנמאָלן, אָנריסעווען. ,,וויַזט נאָר... וואָס ער האָט דאָרטן אָנגעמאַליעוועט,,, ז. ווענדראָף, סאָוו, היימלאַנד, 1 1962, No.

אָנמאָלן 1 — טרוו. מאָל אָן, ~געמאָלט, ׳ .־, געמאָלן. 1. אָנ׳ פֿאַרבן. אָ, די ווענט פֿון שלאָפֿצימער מיט אַ ראָזלעכן קאָליר. 2. פֿאַרטיק מאַכן אַ סך בילדער. אָ אַלע בילדער פֿאַר דער אויסשטעלונג. 3. פֿאַרענדיקן דאָס מאָלן.

,,און, האבן אַן גימאלט דיא צורה פֿון...,,,,
ינה, הפֿטורה ויצא. 4. שיין, קונציק
אָנשרײַבן. ,,ער האָט אָנגעמאָלט אַ בריוו,,. ־ונג.
־עכץ. ־ער. ־ערײַ.

אָגמאָלן
אָנמאָלן 11 — טרוו. מאָל אָן, ~געמאָלט,
~געמאָלן. 1. מאָלן (מיט אַ מיל) אַ סך. אָ,
תּבֿואה אויף אַ גאַנצן ווינטער. 2. אָנריידן
אַ סך, גיך, אומפֿאַרשטענדלעך. *אָ, אויף אַ
גאַנצן וואָגן — ווש מיט ב1. ,,איר האָט שוין
אָנגעמאָלן אויף דרײַ וועגן... און כ'ווייס
נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. רעדט,
מענטשן זאָלן פֿאַרשטיין", אָפּאַ, 'ציגײַנער'.
אָנמאַמקען — אַקוזוו ־קע אָן, י'געמאַמקעט.

1. אָנפּיטערן אַן עופֿעלע מיט אַלע אַנדערע
מיטלען חוץ דער ברוסט. אָ, דאָס קינד מיט
אַ קאַשקע. 2. ניצן דאָס וואָרט מאַמע אַ
סך מאָל. נאָכאַנאַנד זיך ווענדן צו דער מאַמען
מיט ,,מאַמע!". ,,האָסט מיר שוין אָנגעמאַמקעט
אַ פֿולן קאָפּ".
אָנמאַנגלען — טרוו. ־גל אָן, י־,געמאַנגלט.

א סך פּרעסן פֿאַרענדיקן פּרעסן וועש מיט

—

אַ מאַנגל. אָ, די טישטעכער און די האַנטעכער.

אָנמאַנטאַטשען — דזוו אויסמאַנטאַטשען,

.277 .

אָנמאַניען — טרוו ־ניע אָן, ~געמאַניעט.

.

צוציִען צו זיך. אויפֿוועקן אַ באַגער. אָנהייבן

אָדער פֿאַרענדיקן מאַניען. אָ, עמעצן מיט אַ

זיסן ביסן.

אָנמאַניקירן — טרוו ־קיר אָן, ~(גע)

מאַני

-

קירט. מאַכן אַ סך מאַניקיר. פֿאַרענדיקן אָדער

אָנהייבן מאַניקירן. אָ, די (פֿינגער פֿון די) הענט.

א, די פֿינגער פֿון די פֿיס ־ונג.

.

אָנמאָנען — טרוו. מאָן אָן, ~געמאָנט.

צונויפֿמאָנען, אַרײַנקריגן אַ סך דורך מאָנען. אָ,

די חובֿות פֿון איבער דער גאַנצער שטאָט.

אַן־מאַ'ס — אַדוו פּר. מאַסנווײַז. אויסוואַנ

דערן אַ'־מ, פֿון אַן אַלטער געגנט.
אָן מאָס — אַדוו פֿראַזע. דזוו אָן אַ מאָס. אַ
סך. אין אַ גרויסן סכום. אָ, מ, (און) אָן צאָל.
"ער טרוג אין זײַנן הענדן איין שפּיש גרוש
און מוש", שמואל־בוך, סטראָפֿע 1101. "גיבט
מן אויש און מוש, און צאָל ויף דען הוז אונ,
קע טליכא טייארי קליידר... וואז ניט
גענויטיג איז — דיא טוינן איין זוינד", בראַנט,
פֿרק כ. „דען טאָג וויל איך גידענקן וויא איר
בלוט איז וואַרן פֿר גאָסן, וויא יל טויזנט
אָן צאָל אונ אָן מאסין", 'קינות אויף
כמעלניצקיס גזרות', פֿראָג 1648.
אָנמאַסטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~
גע.
מאַסטעוועט. אַרויפֿציִען אַ זעגל אויף אַ
מאַסטבוים. אָ, דעם גרויסן זעגל. אַרויס אָרן מיט
רודערס און דערנאָך אָ'.
אָנמאַסטען — טרוו ־טע אָן, ~געמאַסטעט.
.
אָנשמירן מיט פֿעטס. אָ, די רעדלעך פֿון דער
מאַשין. אָ, די מכּה.
אָנמאָסיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ מאָס. וואָס

האָט ניט קיין מאָס. דער אָ'ער וועלטרוים.
־יקייט.
אָנמאַסירן — טרוו ־סיר אָן, ~(גע)מאַסירט.
געבן אַ מאַסאַזש. אַנרייַבן אַ ווייטיקדיק אָרט.
אָ אַ מאָרדע = אָנרייַבן אַ מאָרדע
,

1593

אָנמאַקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געמאַקלט.
← אָנמקלען. "און אַז אַ מאַן מאַקלט אַמאָל
אָן, איז אויך קיין מאַלע'ר נישט", אָפּאַ, '
קוילנגרעבערס'. *אָ, די ביינער — אָנברעכן די
ביינער.
אָנמאָרדן — טרוו. מאָרד אָן, ~געמאָרדט.
דורכפירן אַ סך מאָרדן. „קיינער האָט ניט
געוואוסט אַז די דײַטשן וועלן אָ אַזוי פיל ייִדן".
,

אָנמאָרדעווען זיך — אוטוו ־דעווע זיך אָן,

זיך ~געמאָרדעוועט. אָנהאָרעווען זיך. זיך
שטאַרק אײַנמידן דורך שווערער אַרבעט.

איבעראַרבעטן זיך. אָנמאַטערן זיך. אָ, זיך אַ לאַנגן זומערטאָג און ניט פֿאַרדינען קיין גראָשן.
“מיר מתעסקים האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעמאָרדעוועט, אַרומגעלאָפֿן, געטאָן, געאַרבעט”, ממוס פּישקע. „אַ ייִדענע מאָרדעוועט זיך אָן

,

מיט די גענדז„, שע, ,גענדז'.
אָנמאַרוויכערן — אוטוו & טרוו. ־ער אָן, ~געמאַרוויכערט. פּפֿ: ~מאַראַוויכערן.
אָנגנבענען, אָנזשוליקן. אָ, אַ לעבן־לאַנג און דערנאָך ווערן אַ פֿרומע קאַץ.
אָנמאַרינירן — טרוו ־ניר אָן, י„(גע) מאַרי.
נירט מאַרינירן אַ סך. אויסמאַרינירן,
278. אָ, פֿיש אויף אַ גאַנצער וואָך.
אָנמאָרען — טרוו. ־רע אָן, ~געמאָרעט.
אָנמוטשען. אָנמאַטערן ביזן פֿאַרלירן די כּוחות.

אָנפֿײַניקן דורך אויסהונגערן. אָ, די פֿאַרשיקטע אין די אַרבעט־לאַגערן. אָפּט מיט ז י ך —
אָ, זיך בײַ דער קאַטאָרזשנער אַרבעט. „האָב

איך דעמאָלט געוואוסט פֿון אַ לעבן? אָנגעמאָרעט זיך אַ טאָג, בײַנאַכט געפֿאַלן אויפֿן געלעגער... אַזוי טאָג נאָך טאָג געווען אין שפּאַן!“, נעכעמיע שמאין, איינאַקטערס, מינסק 1935. ־עניש.

אָנמאַרק(יר)ן — טרוו. מאַרק(יר) אָן, ,(גע)־מאַרק(יר)ט. פּפֿ: ~מאַרקעווען. 1. באַצייכענען מיט אַ סימן. אָ, אויף דער מאַפּע אַלע ערטער וואָס מע וועט באַזוכן. 2. אָנצילעווען. אויך מיט ז י ך. זיך גוט אָ, און אויסשיסן. ־ונג.

אָנמאַרשטשען — טרוו ־שטשע אָן, י.,

גע

מאַרשטשעט. פּר. פּפֿ: ~מאָרשטשען, וורר. אָנקנייטשן. אָנלייגן אין פֿאַלדן. אָ, דאָס פּנים, דעם שטערן. אויך: אָ, געוואַנט.

אָנמאַרשירן — אוטוו ־שיר אָן, י־,(גע) מאַר.

שירט. אָנקומען מאַרשירנדיק. אַ פֿאָלק זעלנערס וועלן באַלד אָ'. „אַזו וועט דײַן דלות ווי אַ וועגסמאַן אָנקומען, דײַן באַדערפֿטיקייט ווי אַ זעלנער אָ',„ מס, משלי תּקע„ד, ו, 11. מיט ז י ך — זיך אָנגיין אַ סך, אַ לאַנגע צײַט, אויף

אַ מיליטערישן שטייגער.
אָנמאַשענעווען — טרוו. ־נעווע אָן, ~
געמאַשענעוועט. פּפֿ: ,מאָשענעווען.
אָנזשוליקן. אָנשווינדלען. אַ לענגערע צײַט
אַרײַנקריגן דורך אויסנאַרערײַ. אָ אַ פֿאַרמעגן.
,
אָנמבולן — [... מאַבלען] מבול אָן, ,
געמבולט. אוטוו — אָנרעגענען אַ סך. טרוו —
אָנגיסן אַ סך. אויך: אָ, קללות.

אָנמוטן
אָנמגילהן — [... מעגלען טרוו. מגילה אָן,
~(גע)מגילהט. אָנדערציילן, אָנשרײַבן זייער
אַ סך, אַ גאַנצע מגילה. אָ אַ בריוו אויף אַכט
,
זײַטלעך. אָ, אַ נודנע לעבנסגעשיכטע.
אָנמדינהש — אַדי וואָס האָט ניט קיין
מדינה. „דאָס קומען זיי [יִדן פֿון אַמעריקע
קיין ווילנע] אָנעטעמען זיך אין דער יִדישער
אָ'ער מדינה", א גאָלאָמב, טאָג, 22 1969 II.
־קייט.
אָנמוט — דער, ־ן פֿאָרלייג. סוגעסטירונג.
.

שטויס עפּעס צו טאָן. אַן אָ, וואָס העלפֿט ניט.
פֿאַר אַן אָ, קומט קיין פּאַטש נישט“, שוו
- -

אָ'נמוטיק — אַדי. וואָס איז אָן מוט,
דערשלאָגן, געפֿאַלן בײַ זיך. „כּדי צו לאָזן אונדז,
אומרואיקע און אָ'ע פֿילן די רואיקייט און
,
די זיכערקייט“, שנ, שלוס אַש. ־יקייט.
אָ'נמוטיקן — טרוו ־יק אָן, ~געמוטיקט.
.
מוטיק מאַכן. צוגעבן מוט. אָ, די שוואַכע און
די געפֿאַלענע בײַ זיך ־ונג.
.
אָנמוטן — אוטוו & טרוו. מוט אָן, ~געמוט.
1. אָנבאָטן, פֿאָרלייגן. פֿאָרשלאָגן. “האָבן זיא
פֿשרה אַן גמוט“, גה, 347. „אהן גימיט זיא
זאָלין זיא קצת נאָך לאזין ממה שהם חייבים“,
,כּ„י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III].
“דיא ארמין איין מתּנה אַן מוטין“, ה II,
פֿיורדא 1723. „די אינדיאַנער... האָבן זיי
אָנגעמוט אַז זיי זאָלן פֿון זיי עפּעס קויפֿן“,
חײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817.
“... אָנגעמוט מיט אַ גמילות־חסד“, שע, מאַ

ריענבאַד. ״ער האָט אָנגעמוט אַז די אַסיפֿה זאָל זײַן בײַ אים אין הויז״, חיים פּעט, א הויז אויפֿן פֿעלד.

2. בעטן אַ טובֿה, אַ געפֿעליקייט. ״צדקה איז ער מחויב איטליכם דער אים אַן מוט״, לט1, מב/א. ״איך וויל אײַך גערן איין זאַך אַן מוטן איר זולט מיר ניט פֿר זאָגן״, קה, פֿיורדא 1743, יב/ד. ״ער זאָל ניט וואַרטן ביז... דער עני וועט אָ, צו באָרגן געלט פֿון אים״, צור, שמיני. ״... געוואָלט ריידן מיט דעם בעש אַז זײַן ווײַב זאָל האָבן אַ בן־זכר, נאָר ער האָט זיך זייער געשײַט אָנצומוטן״, שבחי בעש״ט.

3. עפּעס בעטן אומדירעקט, אויף אַן איידעלן אופֿן, שעמענדיק זיך. ״זיך גישעמט אַן צו מוטן מען זאָל אים געבין צדקה״, נצ1, מה/ד. ״איך האָב מיך געפּרוּווט אָ, אַ פּאָר מענטשלעך מכּוח אַ גמילות־חסדל,,, שע, מנחס־מענדל.

4. געבן אָנצוהערן. ״ווען איך וואָלט דיר געווען דאָס מינדסטע אָ, פֿון מײַן זינען,,, צ. ז רובינשטיין, דער שרעקליכער קנט מאָל אַדעס 1883.

5 פֿאָרלייגן סעקסועלן פֿאַרקער. ,,אָ, מעג

.

מען אַפֿילו דער רביצין אויך״, שוו פֿאַר אָ,

,,

קומט קיין פֿאַטש ניט,,, שוו [גענאַרטע וועלט,
1815?]. ,,דר נוך מוטט ער איר אַן כּך וכּך...
זי שפֿרך: איי, ימח שמך וזכרך“, בבֿא־בּוך,
486. “דיא טעכטר [לוטס] וואַרן (צנועות),
זיא האבֿן זיך גישעמט אַן צו מוטן, אירם
פֿאטר“, צאינה, וירא. “ווען איינער זעט אַז זײַן
ווײַבֿ... גלוסט צו תּשמיש המטה, זאָל ער

אָנמדטשען

זיך פֿעדערן און זאָל איר אָ,,,, ספֿר חסידים,
תּק,,ז?, סימן קנה. ,,אַמאָל זײַנען זיך
צונויפֿגעלאָפֿן פֿיל ווײַבלעך... האָט איינע געזאָגט,
ר'האָט איר אָנגעמוט לזנו ,, [חיים מאַלאַגאַ],
'גדולת ר, וואָלף..., [יפּ
6. שטויסן עמעצן עפּעס צו טאָן. אָ, אַליין
צו טאָן די אַרבעט. ,,איך [גאָט] האָבֿ זי [= זיי]
דען שׂכר גיזאגט האבֿ איך זי די רעכט פֿרטיגן
מצו[ו]ת אַן גימוט,,, סהמ, ישעיה, מה, 19.
,,אָ, דאָס ער זאָל פֿון אים די חכמה לערנען“,
שבֿחי הארי, [קעניגסבער], יאָר? ,,ער [גאָט]
מוט עס באַצײַטנס אָן די זומערפֿייגעלעך. פֿליט

.

... אין די וואַרעמע לענדער,,, ממוס, ווינטשפֿ.

ט ז י ך — אָנבאָטן זיך. נעמען אויף זיך.
עפּעס צו טאָן. אָ, זיך צו גיין צום פּריץ דעם
רשע. ־ונג. ־ער — ,,ניט דער אָ, איז אַ
נאַר, נאָר דער טוער איז דער נאַר,,, שוו.

אָנמוטשען — טרוו ־טשע אָן, ,געמוטשעט.

.

אנמאטערן. אָנפּײַניקן פֿאַרשאַפֿן פֿיזישע אָדער

־

.

גײַסטיקע לײַדן. ,,מע האָט אונדז שוין
אָנגעמוטשעט מיט פֿאַרשיידענע צוואַנגסמיטל מיר
זאָלן גוי ם ווערן,,, ספֿרי שבֿחי רמ,,ל, לעמבערג,
יאָר? מיט ז י ך — אָ, זיך וו אַן אָרעמע

י

באַלעבאָסטע פֿאַר פּסח. ,,דאָס האָלץ האָט ער
צעהאַקט אין דיניטשקע שײַטלעך, אַז פֿייגע
זאָל זיך נישט מוזן אָ, בײַם אונטערהייצן,,,
רחל קאָרן, ערד. שפּאַסיק: זיך אָ, בײַם
אַוועקלייגן די חתימה. ־עניש.

אָנמויערן — טרוו. ־ער אָן, ~געמויערט.

1. צומויערן, צופֿעסטיקן דורך מויערן. אָ, אַ
פֿליגל. 2. אָנבויען אַ סך מויערן. אָ אַ

,

גאַנצע גאַס. מיט ▯ ז י ך — ,,דער שניי שיט אַלץ... [עס] האָבן זיך אָנגעמויערט גאַנצע בערג“, אי קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930. ־וננ.

אָנמולדיק — [... מוילעדיק] אַדי. נעאַל. וואָס איז אָן דעם מולד, אָן דער פֿרישער לבֿנה.

אָנלבֿנהדיק. ,,איבער ברייטן, איבער לענגען... פֿון אָ'ע נעכט,,, פּמ, סתּם.

אָנמוליען — טרוו ־ליע אָן ▯...,געמול▯עט. אוקר,

.

וורר. ▯][a▯ווג▯a]▯נ:▯. ,▯[▯וג▯[▯]: ▯ ▯ >. אָנרײַבן, אָפּרײַבן די הויט. אָ, אַ פֿינגער, די פּיאַטע. אָ מאַזאָליעס. ,,דאָס פּעקעלע האָט מיר

,

שוין אָנגעמוליעט די אַקסלען“, אי. קיפּניס, סאָוו, היימלאַנד, 6 1968, No.

אָנמול(י)ע(נע)ן — טרוו ־ל(י)ע אָן, ~

גע▯

מול(י)עט. לד. ▯1 .< ▯ ▯ ▯ :muilin. אָנזייפֿן. מאַכן אַ מוליענע. אָ, וועש. אָ, וואַסער. אָ, די פּארצע פֿאַרן גאָלן. 2 פֿיג. אָפּנאַרן פֿאַרפֿירן.

-

. .

אָנמולירן — טרוו. ־ליר אָן, ~(גע)מולירט.

1. דזוו אָנמוליען. 2. אַרשטעכן. אָ, אַ פֿינגער. אָ, די פּיאַטע, ווען מע גייט באָרוועס.

3. לר. אָפּנאַרן.

אָנמומלען — טרוו ־מל אָן, ~געמומלט. אויך

פּעיאָ רעדן צו עמעצן אַ לענגערע צײַט שטיל, שעפּטשענדיק. אָ, עפּעס קיינער זאָל ניט וויסן וואָס ער וויל.

אָנמונהן — [... מוינען] טרוו. מונה אָן, ~ געמונהט. אָנציילן. אַרײַנציילן. (,וכך היה מונה:

199

אַחת, אַחת ושתּים...,) ,,האָט דער רבּי אָנגעהויבּן אונטערצוברומען... וכך היה מונה... איז מײַן מאַמע געוואָרע געוואָרן, ווי אַזוי קלמן סענדערס האָט מיר אָנגעמונהט,,, זאבֿ הלוי, דער רבּי קלמן סענדערס, באַרדיטשעוו 1906.

אָנמוסרן — [... מוסערן] טרוו. מוסר אָן, ~געמוסרט. 1. אויסמוסרן. אויסריידן. זאָגן עמעצן מוסר. ,,דער רבֿ האָט אים צו ז ד

גערופֿן און האָט אים אָנגעמוסרט“, א. י. סאַפֿיר, דער קליינער קאַטערזניק, ווילנע תּרמ,,ג. 2. שטרענג אָנזאָגן. באַפֿעלן. אָ, אויפֿצורוימען די שטוב. ־ונג.

אָנמוראדיק — [... מוירע...] אַדי. וואָס איז אָן מורא. וואָס האָט ניט קיין מורא. אָ'ער קעמפֿער. אָ'ע פֿילאָסאָפֿישע האָריזאָנטן. ־יקייט — ,,זײַן מוט און זײַן אָ, האָט זיך פֿאַרפֿלאַנצט אין האַרץ פֿון דורות,,, ש. ביקל, טאָג, 1968 I l9.

אָנמורזען — טרוו ־זע אָן, ~געמורזעט. וורר.

.

אָנפּאַטשקען. אויסשמירן. אײַנריכטן. אָ, דעם שיינעם פּנימל.

אָנמורמלען — טרוו ־מל אָן, י,,געמורמלט. זאָגן, רעדן אַ לענגערע צײַט שטיל, שעפּטשענדיק. אָ, די תּחינה.

--

אָנמושבֿן — [... מוישעוון] טרוו. מושבֿ אָן, ~געמושבֿט. שטאַרק אָנשמוציקן. אָנוואַרפֿן אָפּפֿאַלעכץ. אָ, די שטובֿ, דעם גאַנצן הויף. אָנמזיקן — [... מאַזיקן] טרוו. מזיק אָן, ~ געמזיקט. 1. צעבּרעכן אַ צאָל זאַכן. 2.

אָנשלאָגן, אָנבּרעכן די בּיינער. אויך מיט ז י ך.
אָנמזלדיק — [... מאַזל...] אַדי. וואָס איז
אָן מזל, וואָס האָט ניט קיין מזל. „אַ טרייסט
אַן איינציקע... און זיך געשפּײַזט דערמיט
אין איר אָ'ן לעבן„, פּמ, מלחמה I. ־יקייט.
אָנמהיצהדיק — [... מעכיצע...] אַדי. וואָס
איז אָן אַ מחיצה, וואָס האָט ניט קיין מחיצה,
קיין גרענעץ. „די וועלט וואָס אַ נאַקעטע, אָ'ע
בּאַהעפֿטונג מיט איר ווערט געטלעכע דבֿקות„,
יסtראל אפֿרת, ייִבל XXIII, 3. ־יקייט.
אָנמידל(י)ען

ל(י)עוועז. אָנזייפֿן.
— טרוו ־ל(י)ע אָן, ~

געּ

מידל(י)עט. פּפֿ: ~מיד
אָ, גרעט. „און מע האָט געדאַרפֿט עס וואַשן...
צוואָגן און גוט אָנמידלעווען“, אַבּאָ גאָרדין,

אַש, 1952 יּ25 I. „עס איז אָפּגעווישט געוואָרן
דער שוים פֿון בּיטערקייט וואָס די
פֿאַרגאַנגענהייט האָט אָנגעמידליעט„, אַש אויך מיט ז י ך
— זיך אָ, די האָר.
אָנמידן — טרוו. מיד אָן, ~געמידט. מיד
מאַכן. אָנמאַטערן פֿאַרמאַטערן. צושטיין צו

עמעצן. אָ, די פֿיס פֿון אַ גאַנצן טאָג
אַרומשלעפּן זיך. אָ, די אויגן בײַם צו פֿיל לייענען.
„ער גיט ביז דער אָרעמאַן מידט אים אָן“, לט2,
מג/א. „אָ, האָט ער נאָר געקענט מיט זײַן
אייביקן שטעלן שאלות„, הערש־לייב
קאָזשעבער, קאַזיאָנע גימנאַזיע, טשערנאָוויץ 1937.
מיט ז י ך — „דאָס שלאָפֿט ער זיך פשוט
אויס פֿון דעם אָ, זיך מיט די הונדערטער
...
סוחרים„, ייִל ־ונג.

אָנמישונג

אָן מײַן שאָדן — אַדוו פֿראַזע. עס זאָל
מיר ניט זײַן צום שאָדן. עס זאָל בײַ מיר ניט
ווערן ערגער ווי איצט. עס זאָל מיר ניט
פֿאַרשאַטן. “אָן מ, ש, אויף דיר געזאָגט„, גוטער
וואונטש. „איך ווינטש אַלע האַרץ־לײַדנדע אָן
מ, ש אַז זיי זאָלן זיך פֿילן אַזוי גוט ווי איך„,
,
טמז, 17 1967 I פֿרגל: אָן אונדזער שאָדן, אָן
.
ויַן שאָדן, אָן זײַן שאָדן.
אַנמייס — די, ־ן. אַרכ. דזוו אומייסן (←

595), אונמאַס, אונמייס (. 807)..←. אַמייסן.
אָנמייסטערן — טרוו ־ער אָן, ~געמײַסטערט.
 . .
פּפֿ: ~מייסטרעווען (קען זײַן פּעיאָ).

אָנ

-

מאַכן [אַרשיידענע זאַכן אָדער אַ סך פֿון דעם זעלביקן מין (ווי אַ מײַסטער). אָנבויען, אָנאַרבעטן. אָ, די אַלע זאַכן פֿון האָלץ.
אָנמייקע(נע)ן — טרוו. ־קע אָן, ~געמייקעט (,געמייקנט). אויך: ~מייקערן. אָנמקיאַן. אָנברעכן (שפּײַז פֿון מאָגן). אָ, ווי אַ שיכּורער יוון. „איר ווילט, אַז מיר זאָלן אויסלעקן דאָס וואָס איר האָט אָנגעמייקעט„, מ. שאַפּיראָ און כ. שאַמקיס, איבז, שריפֿטן פֿון א שערער, קיִעוו 1934. ־עכץ. ־עניש.
אָנמימעאָגראַפֿירן — טרוו. ־פֿיר אָן, , מימעאָגראַפֿירט. מימעאָגראַפֿירן אַ סך, מער ווי מע דאַרף. אָ, אפֿשר טויזנט פֿלוגבלעטלעך.
אָנמינצן — טרוו. מינץ אָן, .־,געמינצט. מאַכן אַ סך מינץ. אָ, קליינגעלט. אָ, זשעטאָנען פֿאַר

די ספּאָרטלערס.
אָנמיסטיקן — טרוו. ־טיק אָן, ~געמיסטיקט.
1. פֿול מאַכן מיט מיסט. אָנוואַרפֿן מיסט,
אָפּ□אַלעכץ. אָ, דעם הויף. 2. אָנטראָגן,
אָנבּרענגען מיסט מיט די פֿיס. אָ, די פּאָדלאָגע.
3. בּאַמיסטיקן מיט אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן
צוועק. אָ, די פֿעלדער. 4 פֿיג. אָ אַן אַרטיקל.

־ונג. ־ער.

אָנמ□ען זיך — אוטוו. מי זיך אָן, זיך ~
געמיט. 1. זיך שטאַרק מיִען (און זיך
פֿאַרמאַטערן). „בּאַטראַכט די זאַכן וואָס כ'האָבּ זיך
אָנגעמיט צו מאַכן“, פּרץ איבּז, ,קהלת'.
2. ספּעצ. זיך משתּדל זײַן לטובֿת עמעצן אָדער
עפּעס.
אָנמיצלען — טרוו. ־צל אָן, ~געמיצלט.
אָנטאָן אַ מיצל. פֿיג: אַרויפֿלייגן אַ לאַסט. „מיט
אײַערע פֿליטערלעך... וואָס איר האָט
אָנגעהאַנגען אויפֿן כּתר־תּורה און אים בּעל־כּרחו
אָנגעמיצלט אויפֿן ייִדנס קאָפּ“, ייִל מײַן ספֿר
הזכרונות II, ק□עוו 1882.
אָן מיר — אַדוו פֿראַזע. 1. אָן מײַן הסכּמה,
אָן מײַן צושטימונג. „איר ווילט עס טאָן, איז

אָן מ'"‏. „מײַן טאָכטער האָט חתונה געהאַט

אָן מ'"‏. 2. ‏אָן מײַן בײַזײַן. „זיי האָבן אָנגענומען די החלטה אָן מ',,. „איר ווילט גנבֿענען די גרענעץ — איז אָן מ,,,.

אָנמישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנמישן. „דיא אַן מישונג גיווירץ צו דען (קטורת) דוא האשׂט גימערט אַן יום כּיפּור מין [= מיין, מע] אַז איין אנדרר טאָג", מחזור ר"ה ויו"כ, הומבּורג 1721, קלג/א.

אָנמישן

אָנמישן — טרוו. מיש אָן, ~געמישט. 1. אָנגרייטן דורך מישן, צונויפֿמישן. פֿאַרמישן. אָ, טייג. „גאָט האָט אַן גימישט איף פּושעי ישׂראל אַז איין טרונק דז מן מישט אונ, מן מאַכט", סהמ, ישעיה כט, 10, „נעם דשׂ געלי פֿון איין גיבּראטין איי אונ, מיש עז וואול אַן מיט הוניק אונ ליג איר אויף דיא בּרישׂט,,, ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים 2 .II. אָנפּלאָנ. טערן. אָ, די צעטעלעך פֿון קאַרטאָטעק. *אָ, קאַשע מיט באָטוויניע = צונויפֿמישן ענינים וואָס

האָבּן ניט קיין שײַכות איינער צום צווייטן.
־עכץ. ־עניש.
אָנמלאָכהן — [... מעלאָכען] טרוו. מלאָכה
אָן, ~געמלאָכהט. 1. ארטיק מאַכן אַ צאָל
-

זאַכן שלעכט, פּאַרטאַטשיש. אָ, בּענקלעך מיט
קרומע פּיסלעך. 2. אָנמאַכן אַ צרה. ,,ווער
האָט דיך געבּעטן זיך אַרײַנמישן און אָ, אַזאַ
פּלאָנטער?“. 3. אָנפּאַסקודיען. דז אַבּער
איידעלער ווי אָנדאָסן. אָ, אין די הויזן. *אָ, אויפֿן
קאָפּ = גראָבּ. אָפּנאַרן.
אָנמלויצען — טרוו. ־צע אָן, ,.געמלויצעט.
צען, ,.מן. אויז, ~מליין, ~מלי—
ויטש שען.
אָנדזוו אָנמאָלויצ : י.,,מלייצ

דרעשן. אָ, די תּבֿואה.
אָנמלוכהדיק — [... מעלוכע...] אַדי. וואָס
האָט ניט, וואָס איז אָן אַ מלוכה. ־יקייט.
אָנמלוכהש, ~מלוכיש — [... מעלוכיש]
אַדי. דזוו אָנמלוכהדיק. ,,דאָס
מינדערהייטרעכט פֿאַר אָ'ע פֿעלקער“, ייִבל IXI ־קייט.

·

אָנמליצהדיק — [... מ(ע)ליצע...] אַדי. וואָס איז אָן מליצה, מיט איינפֿאַכע ווערטער. פּשוטע, אָ'ע רייד. אָ'ער סטיל. ־יקייט.

אָנממזרן — [... מאַמזערן] טרוו. ממזר אָן, ~געממזרט. 1. אָנהאָבן ממזרים. „זיי ממזרן אָן קופּעס קינדער און דערנאָך — האַלט זיי אויס!“, רייד (נ„י) ◻ 2. אָנזשוליקן.

אָנממיתן — [... מיימעסן] טרוו. ממית אָן, ~געממיתט. אָנהרגענען. שטאַרק אָנשלאָגן. צעשלאָגן. אָ, דעם שלעגער. אָ, אומשולדיקע פֿאַרבײַגייערס.

אָנממשותדיק — [... מאַמאָשעס...] אַדי וואָס האָט ניט קיין ממשות, קיין האַ◻ט. אָ'ע רעזאָלוציע. אָ'ע אילוזיע. אָ'ע האָפֿענונג. ־יקייט.

אָנמניעותדיק — [... מ(ע)ניִעס...] אַדי. וואָס איז אָן אַ מניעה, אָן אַ שטער. „די קיניגלעכע פּריווילעגיעס גאַראַנטירן די ייִדן דאָס רעכט אויף אָ'ן האַנדל“, ט. הייליקמאן◻ געשיכטע ◻ון דער געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג פֿון די אידן אין פּוילן און רוסלאָנד, מאָסקווע 1926. ־יקייט.

אָנמסהרן — [... מיסכערן] טרוו. מסחר אָן, ~געמסחרט. אָנהאַנדלען (בײַטעם פֿון ביטול). אָנפֿלאָנטערן בײַם האַנדלען. אויך מיט ז י ך — אָ, זיך סיט תּבֿואה און ניט האָבן וואו אָפּצוזעצן.

אָנמסרן — [... מאַסערן] אוטוו & טרוו. מסר אָן, ~געמסרט. מסרן אַ סו מאָל. אָנדערציילן

16()()

אויף עמעצן. אינפֿאָרמירן (דער מאַכט) אַזוינס וואָס קאָן ברענגען שאָדן עמעצן. „אָ, דעם רבין [דאַטיוו] אויף אַלע ייִנגלעך אין חדר„. „און □לעגן נאָך אָ, מיך פֿאַר דער מוטער אַז איך שלאָג זיי„, בּ. א. זאַביעזענסקי, די שווערע צײַט □I, וואַרשע 1887.

אָנמעטען — טרוו. ־טע אָן, ~געמעטעט. סל 1. <me□a:□>. אָנצייכענען. אָנמאַרקירן. אָ, מיט קרײַד די שטעלן וואָס מע דאַרף פֿאַרריכטן. 2. [אַן אַנדער וואָרט] □[□ו□aו□Me: □□>]. אָנוואַרפֿן. אָ, גאַנצע בערג שניי.

אָ'נמעכטיק — אַדי. 1. וואָס האָט ניט קיין מאַכט, וואָס איז אָן מאַכט. אָ, ווי אַן

אַראָפּגעזעצטער מלך. „זיי וועלן מיט אָרעמס אָ'ע פֿאַרניכטן די בייז איבעראַל“, אַר, 'איך גלויבּ.
2. וואָס האָט ניט קיין כּוח. אָ, זיך אַנטקעגנצושטעלן. אָ, ווי אַ שטרויעלע. „די ציין אַנטבּלויזט, נאָר אָ, צו טאָן אַ בּיס“, פּמ, מלחמה I.
3. וואָס האָט ניט קיין פֿעאיקייט עפּעס צו טאָן. וואָס האָט ניט קיין השפּעה. אָ, צו בּײַטן די שטעלונג פֿון דער פּאַרטיי. אָ, צו געפֿינען אַן אויסוועג פֿון קריזיס.
4 פֿאַרחלשט פֿאַרשלאַפֿט. “אין דיא זעל. .
בּיגן צײַטן (תּתעלפֿנה) ווערן אַן מעכטיג ווערן [תּי “וועלן חלשן”] דיא שינן בּתולות„, סהמ, עמוס, ח, 13. „ווען דז קינד גבּאָרן ווערט אונ, איז אַן מעכטיג, זאָל מן געשווינד נעמן איין רערכן אונ, אַן הינטר לייַבּ בּלאזין“, חנוך קטן, פֿיורדא, יאָר? “זי האָט זיך אינגאַנצן אָ אַראָפּ,
געגליטשט מיטן קאָפּ הינטער מײַן רוקן“,
ווײַס I י, ,אָפֿגעשטויסן,.
־יקייט — „האָט ער דשׂ קדחת... דשׂ קומט פֿון גרוישׂ אָהן מעכטיקייט„, סור II, יז/ב. „,... רעדנדיק שוין האַלבּ שטיל און כּמעט אומפֿאַרשטענדלעך פֿון אָ'„, נס, די

משפּדוה מאַשבּער II.
אָנמעכטיקן — טרוו. ־יק אָן, ~געמעכטיקט.
אָן רעכט בּאַלעבּאַטעווען, הערשעווען.
צונעמען פֿאַר זיך. אָ, פּרעמדס. „ווי קומט דאָס אַ
רבֿ זאַל אַליין זיך [— פֿאַר זיך] אָ, געלט וואָס
 — —
מע האָט אײַנגעלייגט צו אַ געוויסן צוועק“,
ייִפֿאָל, No.1883 38. געוויינלעך מיט ז י ך —
אַ סימבּירניק וואָס נעמט זיך אָ, איבּערן גאַנצן
דאָרף. עטלעכע אָפּיצירן מעכטיקן זיך אָן אויף
דער מדינה.
אָנמעלדן — אוטוו & טרוו. מעלד אָן, ~
געמאָלדן, ~געמעלדט. 1. געבּן אַ מעלדונג,
בּאַקאַנט מאַכן, אַנאָנסירן. אָ אַז מע האָט
גע,
פֿונען אַ בּײַטל מיט געלט. „ער האָט דאָט טאַקע
געפֿונען און האָט געוואָלט אָ'“, י. בּודזאָהן,
אַגיטראַײַע ווײַבּיל חלעבּין ווילנע 1892. 2. לאָזן
וויסן. אינפֿאָרמירן. מודיע זײַן. אָ, וועגן די
טויטפֿאַלן. „איך טאָר איר ניט אָ, פֿון מײַן
אָפּרײַזן... זי וועט געוויס ניט איבּערטראָגן“,
אָדיל קערשינקאָרין, דער טיראַני)ער פֿעטער,
וואַרשע 188.

3. ספּעצ. (אָפֿיציעל אויף אַ צערעמאָניאַלן
אופֿן) לאָזן וויסן וועגן קומען. אָ, מיט אַ טאָג
פֿריִער דעם באַזוך. „ס'איז אַרײַן דער דינער

אָנמעסטן

און האָט אָנגעמאָלדן: 'הער גאָלדבערג'„.. „איך
האָב מײַן קומען צו אים נישט געהאַט
אָנגעמאָלדן", מ. גראָסמאַן, היימיש. 4.
רעגיסטרירן בײַ דער מאַכט. אָ, די געסט וואָס זײַנען
געקומען פֿון דער פּראָווינץ. דער ווירט פֿון
גאַסטהויז מוז אָ אַלע וואָס נעכטיקן. אָ, די

,
ווערטפּאַפּירן אין מלוכה־באַנק. [פּרגל
אויטמעלדן, ב2, ז.. 283.]
5. מסרן. „וועט זי גיין צו דער פּאָליציי צו
אָ, און מע וועט זי מיט גוואַלד אַוועקשיקן„,
ד. י. זילבערבוש, שטרעכאַלעך, ווין 1916.
6. וואוילינגעריש אָנבּרעכן די ביינער.
מיט ז י ך — 1. מיט בב פֿון אָ'. „די ערשטע
צו וועמען איך האָב מיך געדאַרפֿט אָ, זײַנען
געווען די משגיחים פֿון דער ישיבֿה„, ב.
צוקערמאַן, איק, ר"ה תשכ"א. 2. אָנבאָטן זיך
עפּעס צו טאָן. זיך אָפּרופֿן. „ווי אָדם וואַר

זינדיגן טאָן, האבּן דיא מלאָכים זיך אַן
גימעלט אים צו פֿר טיליגן טאָז,,, בּרכת המזון,
אַמשט 1723, י/ב. ,,אונ, ווען איינר איז דר
דיא ווּעג וואול ווייש̇ט... דער זאָל זיך אַן
מעלדן,,, שאַר, אַמשט 1743, ס.. —ונג —
,,דעם קיסרס ליבּע... צו געלט איז דורך
דיזע אָ'... געוואָרן צערייצט“, אַלכּסנדר
האַרקאַווי, דיא יִדישע רעוואָלוציאָן, נ,,י 1892.
־עניש. ־ער.
אָנמעלה־גירהן — [... מאַלעגיירען]
מעלהגירה אָן, ~געמעלה־גירהט. אוטוו —
מעלהגירהן אַ סך. טרוו פֿיג (מיט בּיטול).
אי
בּערחזרן, איבּערזאָגן אַ סך מאָל. די
לאָזונגען פֿון דער פּאַרטיי.
אָנמעלייצען — ← אָנמלויצען פֿון יעדן
. ,,
סנאָפּ ווּעט מען אָ אַ גוט מעסטל ווייץ“ מ.
,
קאָבּריאַנסקי סאָוו, ה ימלאַנד, 1 No.
אָנמעל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָן, ~געמעל(י)עט.
סל. פּעיאָ. אָנמאָלן, אָנפּלאַפּלען. ,,ער האָט

כמעט גאָרניט געהערט וואָס מיקע האָט אים
אָנגעמעלעט“, פּמ, איינס אויף איינס.

אָנמעלקן — טרוו. מעלק אָן, □ י.,געמאָלקן,
~געמעלקט. 1. מעלקן אַ סך. פֿול מאַכן
אַ כּלי דורך מעלקן. “און האָסטו שוין פֿיל
אָנגעמאָלקן — ניט פֿריי זיך! דען גלײַך גיט די
בּהמה אַ דריי זיך און גיסט אויס די מילך,,,
א. מ. שארקאַנסקי, אַ שפּיטצעל פֿון אַ פּורים
שפּילער, נ“י 1899. “ציגעלע, מיגעלע, לאַמאַני,
מעלק מיר אָן אַ קריגעלע מילך“, אי. קיפּניס,
בּודו — מורו.
2. (שטריקמאַכערײַ) דורכלאָזן דעם טראָדל,
דאָס געדרי□ דורך דער האָנט בּײַם פֿלעכטן
קורצע ליצן, שניר. [בּאַוועגונג מיט די פֿינגער
ענלעך צום מעלקן.] 3. פֿיג. אַרויס□יִען
עפֿעס אַ צוזאָג אָדער אַרויסקריגן מער
ממשותדיקס. אָ, שטימען פֿאַר זיך. אָ, ידיעות וואָס
דאַרפֿן בּלייַבן בּסוד ־עניש.

.

אָנמענערדיק — אַדי. וואָס איז אָן מענער.
וואו קיין מענער זײַנען ניטאָ. ,,די פֿרויען צווישן
זיך, אין אַן אָ'ער געזעלשאַפֿט“.
אָנמעסטן — טרוו. מעסט אָן, ~געמאָסטן.

1 [illegible] אָנפּאַ[illegible]ו. זען צי [illegible] מאָ[illegible] איז ריכטיק. אָ,

אָנמעסטן זיך

דעם צונויפֿגעסטריגעוועטן מלבוש. אָ אַ פּאָר

הויזן. אָ אַ פֿינגערל. ,,קויפֿסט שיך פֿאַר זיך,

מעסט זיי ניט אָן אויף פֿרעמדע פֿיס,,, שוו.
פֿיקס און פֿאַרטיק, צוגעשניטן און
אָנגע,,
מאָסטן" פֿוול. "דיא קליידר וואַרן דוד גירעכט

אַז ווערן זיא אים אַן גימאָסין,,, סהמ, שמואל
א, יז, 38. "אַ הייס ייִנגל בײַם אָ, אַשטייגער
אַ נײַעם בגד, הגם עס ציט און קוועטשט,
מאַכט ער זיך פֿאַר שׂמחה ניט וויסנדיק,,,
ממוס, שלמה. ,,[זי] איז באַשעפֿטיקט גאַנצע
טעג מיט שנײַדערס און מיט קליידער אָ',,, יד,
אבֿן נגף. *אָ, די תּ פֿ י ל י ן — א) (אויף גיך,
באַהאַלטענערהייט) אָנטאָן, לייגן תּפֿילין. ,,אַפֿילו
אין דער קאַזאַרמע... האָט ער בגנבֿה
אָנגעמאָסטן די תּפֿילין,,, שמואל וויגאָדאַ, פּאָר,
27 XI 1959; ב) אָפּדאַוונען גיך פֿון יוצא וועגן.

,,אין דער היים האָט ער געמוזט אָ, די תּפֿילין,,, וואָלף ליטינסקי, דער כּריזיס, באַרדיטשעוו 1905.
2. צופֿאַסן. שטימען. זען צי עס קליידט. זײַן אין איינקלאַנג. אָ, אַ היטעלע פֿאַרן שפּיגל. אָ, צירונג פֿיג: ,,מעסט אָן דײַנע ווערטער ווי די קליידער דײַנע — פּאַסן זאָל דײַן זאָגן און דײַן טענה", א. אַלמי, לעצטע געזאַנגען.
3. געבן מיט אַ מאָס (בײַם פֿאַרקויפֿן). ,,אָ, אַ קוואָרט מילך". ,,דער שענקער... איז געגאַנגען אָ, בראָנפֿן", ספֿר אהלי צדיק, פּשעמישל, יאָר?
4. במקום־ווערב פֿאַר שלאָגן. אָ, די באַקן. אָ אַ פּאַטש — דערלאַנגען אַ פּאַטש. *אָ, די זײַטן מיט אַן אַרשין. אָ, דעם הינטן. 5. במקום־ווערב פֿאַר אָפּנאַרן. אָ, דעם יאָלד. אָ, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.
אָנמעסטן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך אָנפּאַסן. ,,זי נעמט זיך אָ, דאָס קעלנערל, קוקט אין שפּיגעלע,,, ממוס, פּריזיוו. 2. זיך פֿאַרמעסטן (צו קריגן, צו דערגרייכן). האָבן אַמביציע.

קעגן וועמען גייסטו זיך אָ'. זיך אָ'... פֿאַר
אַ מאַן (ווײַב). „די ה ו י ך טאָר מען זיך ניט
אָ'“; „קענסט ניט דערלאַנגען, מעסט זיך ניט
אָן„, שוו. “בערל האָט זיך אַפֿילו ניט ג ר ו י ס
אָנגעמאָסטן פֿאַר אים איז רעכט געווען וואָס

—

פֿאַר אַ שידוך ניט איז„, ארז, קמ, 50 1870, No.
3. זיך אָננעמען מיט מוט. אָ, זיך
אַרויסצוקומען מיטן אמת.
4. זיך לאָזן באַצאָלן. פֿאַרלאַנגען אַ (הויכן)
פּרײַז. *ער האָט זיך גוט אָנגעמאָסטן —
פֿאַרלאַנגט אַ צו הויכן פּרײַז. „וויפֿל וועט איר זיך
הייסן אָ אַרום און אַרום פֿאַר דער אַרבעט„,

,

שע, מע יות פֿאַר ייִדישע קינדער II. „איך בין
גרייט צו סילוקן... נאָר אַזוי פֿיל... און
ניט וויפֿל זיי הייסן זיך אָ'“, מאַנ, נאָענטע
געשטאַלטן.
אָנמעסט. ־ונג. ־עניש. ־ער.
־ערײַ.
אָנמעסן זיך — אוטוו. מעס זיך אָן, זיך
געמעסן. אַרכ. זיך אַרײַנפּאַסן אין (זיך
צופּאַסן צו) אַ סבֿיבֿה. „ווען זיא זאַט האבין

גירעט יל דבָרים בטלים,,, ר, יהודה ליבּ בּר,
משה זעליחאָבָר, שירי יהודה אַמשט 1697.
אַנמערדירן — אוטוו ־דיר, אַנמערדירט.
אָנ.
טאָן צרות פֿון < פֿראַנצ אַרגאָ. ,,אַרגאָ פֿון
, .
ייִדישע סאָלדאַטן אין פֿראַנקרײַך“, ז.
שײַקאָווסקי, ייִשפּ II, 89.
אָנמערן — טרוו. מער אָן, ~געמערט. מאַכן
עס זאָל זײַן מער. אָנזאַמלען, אָנגרייטן אַ סך.
אָ, אַ פֿאַרמעגן. מיט ז י ך. —ונג.
אָנמערקונג — די, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנמערקן. 2. ראַנד־באַמערקונג.
הערה. ,,יעצט מוזן מיר זיך לאָזן באַנוגענען
מיט עטוואָס איין אָ',,, שמו פלאי, ספֿר האמת
והשלוס, לעמבּערג 1893. אויך: אָנמערק —
דער.
אָנמערקן — טרוו. מערק אָן, ~געמערקט.
1. מאַכן אַ צייכן, אַ סימן פֿאַרשרײַבן (

אויפֿ,
שרײַבן) עפֿעס. אָ, געוויסע פּונקטן אויף דער
מאַפּע מיט אַ פֿאַרביקן בלײַער. אָ, אויף צו
געדענקען. „מערקט אַן אַל דען שטיטן דא זיך
בֿור בּורגט דער שאַלק,„ שמואל־בּוך, סטראָפֿע
.580
2. אָנווײַזן כּדי צו צ□ען די
אויפֿמערקזאַמקייט. אָ, אַ רשימה בּיכער וואָס יעדערער
דאַרף
לייענען. אָ, מיט רויטן טינט דעם תּלמידס
גרײַזן. „איבּערשרײַבנדיק... האָט זי...
אָנגעמערקט די שטעלן וואָס דאַרפֿן
איבּערגעמאַכט ווערן,„ שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער
.II
3. אַרויסהייבּן. אַרויסשטעלן.
אונטערשטרײַכן. „וואז מעהר ניטיג איז אהן צו מערקן...
וואז שוא נע אודר שוא נח איז...,„ אבֿן
יע)ראָל, מעץ 1766, ג/ב. „וויכטיק איז
אָנצומערקן דאָס די מערסטע פֿאָלקסלידער שטייען
אויפֿן יסוד פֿון אונדזער אַלטער רעליגיעזער
קולטור,„ בּעמ I. „האָבּן מיר אָנגעמערקט אַז
בּײַ די אייראָפּעאישע פֿעלקער... האָט זיך
אָפּגעשפּיגלט אַ דאָפּלטער פּראָצעס,„ זשיט X, נ„י
.1919

4. אָנצייכענען. טענטאַטיוו באַשטימען. אָ, דאָס אָרט וואו מע וואָלט באַדאַרפֿט שטעלן אַ דענקמאָל נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

5. מאַכן אַ נאָטיץ, הערה. אָ אַן אויסבעסע,

רונג. אָ, אויף די ראַנדן פֿון בוך די אײַנווענדונגען קעגן מחבר.

6. אָנוואַרפֿן אַ פּלאַן, אַ סכעמע, אַ פּראָיעקט. אָ, די נייטיקע טריט צו דערגרייכן דעם ציל. “קיין נײַע גרויסע שריט... האָט ער ניט אָנגעמערקט“, בצג, טמז, 7 .18 1967 I.

באַמערקן. אַרײַננעמען, באַהאַלטן אין געדאַנק. „[ע□] האָט אָנגעמערקט דאָס איין געוויסער רײַכער פּויער... איז אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון פּיעטאַקעס“, אמד, דער סיום התּורה, ווילנע 1868. “ווען איך וואָלט עס אײַך... געזאָגט, וואָלט ער דאָס אָ““, י. בודזאָהן, אַגיטראַטײַע וו□.ביל חלעבין, ווילנע 1892.

8. באַצייכענען. אײַנשטעלן גרענעצן. „און אויך די צײַט... אַן אָפּגרונט אָנגעמערקט צווישן מיר און אײַך„, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

אָננאָדלען

מיט ז י ך — אָ, זיך בײַם לייענען, בײַם
הערן... אָ, זיך אַ פּלאַן.
אָנמצבֿהדיק — [... מאַצייווע...] אַדי. 1. וואָס
האָט ניט קיין מצבֿה, וואָס איז אָן אַ מצבֿה. די
אָ'ע מאַסן־קבֿרים. 2. וואָס איז געבליבן אָן
א זכר. „די פּראַגעס פֿון דער לאַנג־
פּאַר־ ...
געסענער אָ'ער סעסיע זײַנען זיך געכליבן
הענגען אינדערלופֿטן", ימ, נײַס, 1922.
אָנמקיאן — ← אָנמייקען.
אָנמקלען — [... מאַקלען] טרוו. מקל אָן,
~געמקלט. אָנשלאָגן מיט אַ שטעקן. ←
אָנמאַקלען. *אָ, די ביינער. „ביזוואַנען די גרויסע
פֿלעגן זיך אַרײַנמישן און גוט אָ, די ביינער",
א. ש. זאַקס, חרובֿע וועלטן.
אָנמרה־שהורהן — [... מאָרעשכוירען] טרוו.
מרה־שחורה אָן, ~געמרה־שחורהט.
אָנוואַרפֿן אַ מרה־שחורה, אַ שווער געמיט. אָ־ש,
דעם עולם מיט רייד וועגן אַ מלחמה מיט
אַטאָמיש געווער.
אָנמרוקען — אוטוו. ־קע אָן, ~געמרוקעט.
1. אַ סך מרוקען. אָ, ווי טויבן. 2.
אָנבורטשען. אָ, בייז אונטער דער נאָז. ־עניש.

אָנמשלען — [... מאָשלען] אוטוו. משל אָן, ~געמשלט. 1. בּרענגען, בּאַנוצן אַ סך משלים. „דעם מגידס דרשה איז געווען פֿול מיט משלים. ער האָט אַזוי אָנגעמשלט איבּער אַ שעה“. 2. אָפּמאָלן, בּאַשרײַבּן. „דער ראַבּין האָט אָנגעמשלט אַז ער גייט אין לײַוונטענע מלבּושים מיט אַ שטעקן מיט אַ זילבּעתע קויל אין די האַנט“ פּמ [בּײַ אונז יודען, וואַרשע

,

1923].

אָננאַבּלען — טרוו ־בּל אָן, ..,גענאַבּלט. פּר.

← אויסנאָבּלען, 286. אָנרעדן שלעכטס אויף עמעצן. בּאַרעדן. אָ, מיאוסע רייד. אָ, רכילות.

אָננאָגלען — טרוו ־גל אָן, י.,גענאָגלט.

צו.

נאָגלען. אָנפֿעסטיקן, אָנקלאַפּן מיט אַ נאָגל, נעגל, טשוועקעס. אָ, אַ בּילד צו דער וואַנט. אָ אַ פֿעלכעלע אויף אַ בּרעטל.

,

אָננאָגן — טרוו. נאָג אָן, ~גענאָגט. 1. אָנזויגן. אַרײַנזאַפּן אין זיך (דורכן מויל). „אפֿשר קאָסט דיך דאָ אויך גרויסע מי... דיר דײַן

זולל־וסובֿא־מאָגן גאָר פֿול מיט זאַפֿט
אָנצונאָגן?,,, עט, משלים. 2. אָנגריזשען. אָ,
קרײַטעכער. ־עניש.

אָננאַדאָליען — טרוו ־ליע אָן, ~נאַדאָליעט.
סל. □[□]דנ.o□a□]:□ <. געבֿן גענוג. אײַנטיילן.
צוטיילן. ,,ער איז גרין ווי גראָז. איך קען אים
ניט אָ, מיט עסן,,, ח. פּעט, 'גראָדנער
שפּראַדפּייסאַזשן', איק, 29 □1960 II.

אָננאָדלען — טרוו. ־דל אָן, ~גענאָדלט.
1. צופֿעסטיקן מיט אַ נאָדל. אָננייען. ,,דעמאָלט
האָט מען אַ שפּיצעכיקע לאַטע אָנגענאָדלט אויף
הוילן לײַב מײַנס,,, סוצ, פֿעסטונג. 2. שטעכן
מיט רייד, ווי מיט אַ נאָדל. אָ, דעם איידעם.
מיט ז י ך — 1. זיך אָנשפּיצן. זיך שטעלן
דיבאָם ווי בײַ אַ נאָדלער (אַ יאָזשיק). ,,זײַן
קורץ געדיכט בערדל האָט זיך אָנגענאָדלט און
איז געוואָרן באַוועגלעך", בֿ. אָרשאַנסקי,
עפּיזאָדן, מאָסקווע 1940. ,,ער האָט געזען די ציין

אָננאָזיק

□ !ון פֿאַרצוקונג און זיך אָנגענאָדלט ווי אין
אַ פּאַסטקע אַ חיה,,, מבֿאַ, דער גייער. 2. זיך

אויפֿשפּיצן. זיך אויפֿצאַפּלען, ווערן
אָנגעשטרענגט. „די קאָנפֿערענץ האָט זיך אָנגענאָדלט:
אַרויס פֿאַררעטער!„, רעד, אַקש, 14
אָקטיאַ ,
בערס, מאָסקווע 1931.
אָננאָזיק — אַדי וואָס האָט ניט קיין נאָז.
וואָס איז אָן אַ נאָז. "דער אָ'ער שומר האָט
זיך... ניט באַוויזן", וויספּע, העפֿט ג, קאָוונע
.1923
אָננאָטירן — טרוו ־טיר אָן, ~(גע)נאָטירט.
.
אָנשרײַבן פֿאַרצייכענען עפּעס (צו געדענקען,
,
צו נעמען אין באַטראַכט). אָ, די אַדרעסן.
־ונג.
אָננאָמענדיק — אַדי וואָס האָט ניט קיין
נאָמען. וואָס איז אָן אַ נאָמען. אַ דערוויַל נאָך
אָ'ע גאַס. אָ, ליד. ־יקייט.
אָננאַרישן — טרוו ־ריש אָן, ~גענאַרישט.
.
אָנריידן אָדער אָפּטאָן אַ סך נאַרישקייטן. אָ,
אין איין טאָג מער וויפֿל מע קען צוריקציִען
אין אַ יאָר. אויך מיט ז י ך.
אָננאַרעצן — טרוו. < נאַר + שפּאַסיק,

נעריץ. פּר (קויאַווע). אָנרעדן אַ סו נאַרישקייטן. „וואָס ער האָט דאָ אָנגעגנאַרעצט אין איין אָוונט“.

אָננאַשן — טרוו. נאַש אָן, ~געגאַשט. 1. נאַשן אַ סך. אויפֿעסן אַ סך נאַשערײַען. 2. אויבנאויפֿיק אויפֿכאַפּן וויסן, ידיעות. ◻ דער בעלעגלה האָט אַרויסגעלייגט דאָס גאַנצע ביסל תּורה וואָס ער האָט אָנגענאַשט בײַ זײַנע פֿאַרשוינען„. מ. ריווקין, דער ווערליזשער בלוטבלבול, ווילנע 1914.

מיט ז י ך — אָ, זיך מיט לעקעך, מאַרצעפּאַנעס אע. “אין געהיים צוזאַמענגעשטעלט אַ ראַדיאָ אַפּאַראַט... זאָל נאָר געלינגען צו אָ,

-

זיך וואָס מער גוטע חדשות„. י◻Iראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג, ז, 218.

אַנן בדידן ואי◻הו בדידהו — [אַ'נאַן בעדיד אַן וועאינהו בעדידהו] זאַץ. תּח. < ברכות,

,

ח/א. 'מיר (האַלטן זיך) בײַ אונדזערס, און זיי בײַ זייערס'. [תּלמודישער אויסדרוק, אַז איטלעכער מעג זיך נוהג זײַן לויט זײַן דרך.]

געניצט מיטן ב מיר מעגן זיך האָבן אונדזער מיינונג, סבֿרה, אידייע. און זיי זייער מי־ נונג; יעדער איינער איז פֿרײַ זיך צו פֿירן ווי ער פֿאַרשטייט.

-

אָננבֿואהן — [... נעוואועך] טרוו. נבֿואה אָן, י,,גענבֿואהט. מיט ביטול פֿאָרויסזאָגן די צו, קונפֿט. ,,וואָס ער האָט דאָ אַלץ אָנגענבֿואהט! ווער זאָגט עס אַז אַ 'נבֿיא, איז נאָר אַ האַלבער נאַר?".

אָננבֿלהן — [... נעוואָלען] אוטוו. נבֿלה אָן, ~גענבֿלהט. אָנטאָן אַ סך מיאוסע זאַכן, נבֿלות, חזירײַען. אָ, און קריגן אַ שלעכטן נאָמען.

אָננגיעהדיק — [... נעגיִעדיק] אַדי. וואָס איז אָן יעדן מין נגיעה, וואָס איז אָן יע ן פּערזענלעכן אינטערעס.

אָננגע(נע)ן זיך — [... נעגען] אוטוו. נגע זיך
אָן, זיך ~גענגעט. לד. צוטשעפּען זיך מיט
טענות, מיט בקשות. אָ, זיך און ניט אָפּלאָזן.
אָ, זיך ווי דער גרעסטער נודניק.

אָננדניצע — [... נאַדאַניצע] די, ־ס. אַזאַ
וואָס האָט ניט קיין נדן. „פֿון איר טאָכטער
וועט זי... ווייניק דערלעבן גוטס. ווער וועט
נעמען די אָ'?“, ידידיה מאַרגאָליס, פּויערים,
מאָסקווע 1939.

אָננהרגן — [... נע'רעגן] טרוו. נהרג אָן, ~
גענהרגט. אָנשלאָגן. אָנהרגענען. „ווען מע האָט
אים שוין גוט אָנגענהרגט, האָט מען
אַראָפּגענומען די קאָלדרע פֿון זײַן קאָפּ„, פּײַוול סיטאָ,
אָט דאָס זײַנען מיר, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932.

□

אָננואסן — [... נויעפֿן] נואף אָן, □ ,גענואפֿט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט זײַן סעקסועל
צעלאָזן. טרוו — נואפֿן און דערבײַ גורם זײַן
עס זאָלן געבוירן ווערן קינדער. “אַרומגעפֿאָרן
איבער דער וועלט און אָנגענואפֿט קינדער“.

אָננוד(י)ען — אוטוו & טרוו. ־ד(י)ע אָן, □ י.,

גענוד(י)עט. פּפֿ: ~נודז(י)ען, ~נודזשען.
אַ לענגערע צײַט נוד(י)ען (בּיז עס ווערט שווער
אויסצוהאַלטן). אָ אַ פֿולן קאָפּ. אָ, עמעצן
,
[דאַטיוו] אַזש בּיז צום בּרעכן. ־עניש.
אָננוציק — אַדי. אומנוציק. וואָס בּרענגט
ניט קיין נוצן. אָ'ע אַרבּעט. "עס איז ניט
מעגלעך און אָ, צוריקצוהאַלטן פֿון דעם אײַנבּילדונג
ניט צו וויקלען קינדער,,, מלכּה בּערלאַנט, די
גליקליכע מוסער, ווילנע 1836. ־יקייט.
אָננוקען — ־קע אָן, ~גענוקעט. אוטוו —
אַ צאָל מאָל זאָגן נו־נו. ווען הערן דעם סוף
פֿון דער מעשׂה און כּסדר אָ'. אָ, ווײַל מע
טאָר ניט מפֿסיק זײַן. טרוו — מיט 'נו', ווי
מיט אַן אָנצוהערעניש אָדער לויט אַן אָפּרייד,
שטויסן צו טאָן עפּעס. אָ, אַז מע דאַרף שוין
זיך געזעגענען.
אָניאַנטשען — [צווייטע נון אויך ווייך] טרוו
־טשע אָן, ~געניאַנט טעט. אַ לענגערע צײַס
ניאַנטשען. ניאַנטשען אַ צאָל קינדער. אָ, די
קינדער פֿון די שכנים. מיט ז י ך — זיך
אָנשפּילן און זיך אָ, מיט די קינדער און זיי
לייגן שלאָפֿן. ־עניש.
אָניגונען — [... ני'גענען] טרוו. ניגון אָן,

□.י'געניגונט. אַרויסכּרענגען אָ צאָל ניגונים. אָ,
דאָס יום־טובֿדיקע דאַווענען.
אָנניגלען זיך — אוטוו ־גל זיך אָן, זיך □י.,,
גע□
ניגלט. [Mhd: □e] = < פּיאַווקע. זיך
אָנןעצן, זיך צוטשעפּען. זיך אָננגען. ,,וואָס האָסטו
זיך אָנגעניגלט אָן מיר?,,. אָ, זיך ווי אַ פּיאַווקע.
אָנניוכען — טרוו ־כע אָן, ~געניוכעט.
.
אַרײַנציִען אַ ריח און לויט אים דערקענען.
באַשמעקן. די הינט ניוכען אָן די צויג. אָ, דעם
□]וקס.
מיט ז י ך — 1. זיך אָנשמעקן. אָ, זיך מיט
די שלעכטע ריחות. פֿיג. אָ, זיך מיט ווילדע
געדאַנקען. אָ, זיך מיט אונטערוועלטניקעס.
2. קזוו, פּעיאָ. זיך צונויפֿשמעקן (וועגן חיו□).
"דער ער און די זי ניוכען זיך אָן,,. (פּעיאָ וועגן

אָנייען

מענטשן) ,,זי האָט זיך מיט אַן אַנדערן
אָנגעניוכעט און איצט האָט זי שוין אַפֿילו צוויי
קינדער זײַנע... ממזרים הייסט עס,,, ייִז,.
אַשכנזי.
אָניזוקן — [... ני'זעקח אוטוו & טרוו. ניזוק
אָן, ~געניזוקט. בּרענגען שאָדן דורך
צעבּרעכן, צעטרעטן אע. אָ, ווי אַ בּאָק אין גאָרטן.
אָ, ווי אַ בּער אין אַ גלאָזגעשעפֿט.
אָניזשען — טרוו ־זשע אָן, ~געניזשעט.

פּפֿ: ~ניזען. סל. אָנסילען, אָנשנירלען.
אויפֿציִען אויף אַ שנור, אויף אַ פֿאָדעם. אָ,
קרעלן. אָ, פֿערל. אָ, שוואָמען צום טריקענען

"די מיידלעך האָבן ליב געהאַט אָנצוניזשען די דאָזיקע מויערקעפּלעך אויף אַ פּאָדעם,,, אַקש איבז, אַ זעגל איינזאַם שעמערירט, מאָסקווע 1938. *אָ, ווערטער = אָנגעבן, צוגעבן פּרטים בײַם דערציילן אַ מעשׂה.

מיט ז י ך — ,,אויפֿן שטערן ניזשען זיך אָן אַ פּאָר פֿלאַכע קנייטשן,,, רעד, ז. אַקסעלראַד, ד קורלאַנד, אַלמאַנאַך אַטאַקע, מינסק 1934.

אָניטעווען — טרוו. ־טעווע אָן, ~ געניטעוועט. צופּעסטיקן מיט אַ ניט, שטיפֿטל. אָ, דאָס הענטל צום קופּערנעם קענדל.

אָנניי — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט ￼ון אָננייען. 2. סכום אָנגענייטע זאַכן. אָ'אונג.

אָננייג — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנגייגן. ,,דער טורעם פֿון פּיזאַ האָט אַן אָ, פֿון ￼16 פֿוס,,. 2. נייגונג, נטיה, צו אַ באַשטימטער קרענק. ער האָט אַן אָ, גלײַך צו קריגן הויכן פֿיבער ־ונג.

.

אָנגייגן — אַקוזוו. נייג אָן, ~געגייגט. צונייגן. אָנכייגן. אָ, דעם קאָפּ אין אַ זײַט. אָ, אָן אויער — < 'הטה אזן', אָנשטעלן אָן אויער, זיך אויבֿמערקזאַם צוהערן. ,,יענער האָט אין

זײַן רעדע אַרײַנגעוואָרפֿן שטעכווערטלעך וועגן די אָסטיודן. דר, מרגלית האָט אָנגענייגט אַן אויער", באַש פֿאָר, 13 ▯ 1960 I. אויך: אָ, אַן עמער אע ' מיט ז י ך — אָ, זיך צום קינד.
אָננייען — טרוו. ניי אָן, ▯י'גענייט. 1. נייען אַ סך, אַ גרעסערן סכום. אָ, פֿאַרן שפּעטערדיקן געבֿרויך. אָ, אַ גאַנצן אויסשטײַער. „ אָנגענייט, אָנגענייט גאַנצע בערג העמדער... קיינמאָל פֿאַר זיך, שטענדיק פֿאַר פֿרעמדע„, אַקש, מזרח און מערבֿ, מאָסקווע 1940.
2. אָנפֿעסטיקן דורך נייען. צונייען, אָרויפֿנייען. אָ, דאָס לײַסטל. אָ, שנאָלן מיט שפּאָנצקעס. „ווי איין אויז טראַכטן... ניען זיא נאָך אובן אַן אויף דען היטל גילדני קנעפּליך„, כּוכבא דשביט, אַמשט 1695, יט/א. „איין פֿאַטשילה, אודר איין שנײַץ טוך, טאָר מן ניט דר מיט גין אויז דעם עירובֿ, עז זײַא דען דז דאשׂ פֿאַטשילה ווער אנגינעהט אַן איין קלייד„, לט1, סו/ב [בעת מע נייט אָן אָ קנעפּל און דער מענטש טראָגט דעם מלבוש, זאָל מען בעתן נייען קײַען אַ שטיקל פֿאָדעם, ווי אָ ס ג ו ל ה ניט צו פֿאַרנייען אים דעם שׂכל]. אָ, ל יי בל ס — אַמ. אַרײַננייען אין אַ בגד (גאַרניטער) אַ

שטיקעלע שטאָף מיטן נאָמען פֿון דער פֿירמע
אָדער יוניאָן.
3. אָנהענגען עמעצן; אָנטשעפּען,
אויסטראַכטן אויף עמעצן עפּעס לגנאַי. אָ, עמעצן
אַ רעפּוטאַציע פֿאַר (אַז ער איז) אַ שיכּור,
אַ שווינדלער אע.

מיט ז י ך — אָ, זיך אַ גאַנצע גאַרדעראָבֿע.
”ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעגנייט — ער מעג
זיך שוין אָפּרוען“.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אָנניסן — ניס אָן, ~גענאָסן. אוטוו אַ

סך ניסן. טרוו — אָנבֿילן מיט ניסן. אָ, אַ
פֿול טיכעלע. מיט ז י ך פֿון זײַן אַלערגיע
— „
האָט ער זיך גענוג אָנגעליטן, גענוג זיך
אָנגענאָסן“.
אָנניקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געניקלט. 1.
צופֿעסטיקן מיט ניקל. 2. באַניקלען.
אָננעגלען — דזןו אָננאָגלען ←. מיט ז י ך

— זיך צוטשעפּען, זיך צונגען. [צו'נעגען].
פּרגל: אָנניגלען זיך.
אָננע־ונדעווען (זיך) — [... נאַוועגאַד...]
אוטוו. אַ לענגערע צײַט אָרומוואָגלען,
אַרומוואַנדערן אָן אַ שטענדיקער היים. אָ, איבער
דער לענג פֿון דרום־אַמעריקע.
אָננעם — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָננעמען. 2. טייל פֿון אַ כּלי אָדער
מכשיר, ספּעציעל געמאַכט אויף אָנצונעמען.
3. אויפֿנעם. אָ'־שעהן. אָ,־ר אָ ט ע. אָ'־רעדע
בײַם אַרײַנטרעטן אין אַן אַמט.
אָננעמבאַר — אַדי. דטשמ. ← אָננעמלעך.
וואָס מע קאָן, וואָס איז מעגלעך אָנצונעמען.
דערלאָזלעך. אַן אָ'ע טעאָריע. אַן אָ'ער
פֿאָרשלאָג. "ניגער איז אָבער פֿאַר ליטוואַקאָוון ניט
אָ,, אויך ווײַל ער זעט אין אים אַ ליטעראַריש
קריטישן חקרן,,, י שטערנבערג, סאָוו, היימ
לאַנד, 3 1 19, No. —קייט.
אָננעמונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָננעמען (זיך). 2. הנחה.
השערה. היפּאָטעזע. ,,אַ טעאָריע, געבויט אויף
א פֿאַלשער אָ',,. ,,אַן נעמונג... און די גמיין
,
שאַפֿט גאטש", קאַל, לבֿ בּניס על אבֿותס, האַלע

.1732

אָננעמיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט זיך) אָננעמען. ← אָננעמלעך. „אַנדערע מאַכן דעם ענין כלומרשט מער אָ, פֿאַר אונדז„, ימ, צוויי רעפֿעראַטן, 1954 ־יקייט.

.

אָ'ננעמלעך — אַדי. 1. וואָס מע קען אָננעמען, אַקצעפּטירן. וואָס קאָן צופֿרידנשטעלן. אָ'ע פֿאָרשלאָגן. אָ'ע האַנדלונגען. „ווען זיך איין ערליך מאַן מיט איין עם הארץ משדך איז... איז ניט בײַא לײַטן אַן נעמליך„, עיון, סג/ב. “איז זײַן תּפֿילה דאָך ניט אונעמליך ווײַל ער זײַני קליידר בּגזילה אַדר בּגניבֿה הט„, קה, יורדא 1743, מו/ב.

2. גאַנגבּאַר. וואָס האָט אַן אָפּגאַנג, אַן אָפּזאַץ. הסוחר מעהררי... אַן נעהמליכי סחורות האָט„, אגרת שלמה, ה/א.

1 ()3

3. אַרכ. אָנגענעם. „איין אונטר פֿירר דער וואו איין מלכּה אונטר דער חופּה פֿירן טוט, דער איזט אַלי צײַט אַן נעמליך בּײַא דען מלך„,

אַריה ליבֿ זעליגמן, תּקוני המועדים, פֿיורדא 1725. ,,דשׂ קול פֿון דעם רידן... מיט אהן נעמליכן קלאַנג,,, אבֿן יסtראל, מעץ 1766, ט/ב. ,,וועלכי מיך דאַר האבֿין אויף דאשׂ אַן נעמליכשׂטי מיט אַלין כּבֿוד מקבּל גיוועזן,,, גה, 295. ,,זיא בֿווילקומן אים גאַנץ אַן נעמליך,,, איין שיני וואונדרליכי היסטאָריע פֿון איין פֿישערס זאָהן, זולצבאַך, יאָר? ־קייט.

אָננעמעוודיק — אַדי דזוו אָננעמיק, אָננעמלעך.

אָננעמען — טרוו. נעם אָן, י.,,גענומען. 1. נעמען אַ סך, אַ גרויסן סכום. אָ, פֿולע הענט. א, פֿולע קעשענעס מיט עפּל פֿיג. ,,ער דרייט
.
אויס דעם קאָפּ... און נעמט אָן פֿולע אויגן מיט וואַנט,,, פּמ, דור אָיס, דור אײַן.

2. אָנקויפֿן אַ סך אויף בּאָרג. אָ, אין קלייטל. ,,האָט ער בײַ דער בעקערין... אָנגענומען אויף קרעדיט,,, מסדר אגרת אָדער איין נײַער בריפֿשטעלער. ,,יודל באָרגט און נעמט אָן אין אַן אָרט גאָלד און זילבערוואַרג אויף ערנוואָרט“, ממוס, יודל. ,,האָט דער פּאָמעשטשיק אָנגענומען אויף קוויטעס שיינע עטלעכע הונדערט קערבלעך,,, קמ, 3 l866, No.

אָ אַ מלבוש = אויך: קויפֿן אין אַ קראָם

,

אָדער פֿון עמעצן אַ פֿאַרטיקן מלבוש. [ניט באַשטעלן בײַ אַ שנײַדער, ווי עס איז געווען דער געוויינלעכער דרך.] אָ, אָ מאַנטעלע פֿאַרן קינד. „איז זיך מיישבֿ איינמאָל אָט די יהושעכע און האָט רחמנות אויפֿן יתוס און נעמט אים אָן... אַ פּאָר הויזן„, שע, „פֿיר זײַנען מיר געזעסן'.

3. אָנכאַפּן, אָנרירן מיט אַ האַנט, מיט די הענט אָדער מיט אַ מכשיר און האַלטן. אָ, בײַם בעקל, בײַ די אויערלעך. „די תּורה שבכתבֿ איז אַזוי וו אַ כּלי וואָס האָט ניט קיין

י

הענטל מיט עפּעס זי אָנצונעמען„, מע״ה כּוזרי, סודלקאָוו 1836. „ער זאָל זען נישט מיט די אויגן, הערן נישט מיט די אויערן און פֿילן אַזוינס וואָס לאָזט זיך ניט אָ'„, ממוס, אַ

,

גרויע האָר'. ״ער האָט אָנגענומען ז״ן בערדל און נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן אײַנטענהן„, ספּ, יִדישער קאָלאָניסט. „אויך דערף מן קיינרלייא זאַך אַן נעמן פֿון איין (מת) אין (חלום)„, ר, מ. א. גאַלינו, חכמת היד, פּפּאָ, יא/ב [

ציטירט פֿון דער צוואָה פֿון ר, יהודה חסיד].
אָ, דעם בּלינדן פֿאַרן האַנט און אים
אַריבּערפֿירן אויף דער צווייטער זײַט גאַס. אָ, פֿאַר
(בּײַ) דער האַנט, אונטערן אָרעם. אָ, פֿאַר דער
טאַליע. „ער נאַם זיא אַן בּײַא די הענד אונ,
מכט זיא אָרײַן גין אין זיבּן היכלות,„ נצ1,
יב/א. „זייער עלעגאַנט. ▯. האָט ער געפּרוּווט
אָ, איר האַנט,„ בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ
דריטער, נ„י 1943.
אַ, די בּ ר ו ס ט (בּײַ דער מוטער) = אָנהייבּן
צו זייגן. “דעריבּער ▯ווײַל די בּריסט־וואָרצלען
זײַנען קליין] קאָן דאָס קינד ניט אָ, די בּרוסט,„
מלכּה בּערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע

אָננעמען

1836. „פּרוּווט זיי געבּן זויגן, וועלן מיר זען:
דער וואָס וועט אָ, בּײַ דער מוטער... און דער
וואָס וועט אָ, בּײַ דער אַם...„, שע, קליינע
מענטשעל▯ך....
*אָ, פֿאַרן האַלדז פֿאַרן (בּײַם) קאָלנער, בּײַם
,
קאַרק אע = גראָכ, בּרוטאַל בּאַהאַנדלען. *אָ,

פֿאַרן גאָרגל, גרגרת = צווינגען צו עפּעס וואָס איז זייער שווער (שלעכט). "דאָס לעבן האָט אים... אָנגענומען בײַם קאַרק און אים אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אָלע הייכן,,, אַש, תּהילים־ייִד.
,,איו נעם אים אָן פֿאַר דער פֿאָלע און שלעפּ אים צו דער טיר", ממוס, שטורם־צײַט. *אָ, בײַם לאַץ, בײַם קנעפּל = צושטיין, ניט אָפּלאָזן.
אָ, בײַם לאַץ און אַרײַנטענהן אין אים. *אָ, דעם אָקס פֿאַר די הערנער = דירעקט (פּרוּוון) לייזן אַ שווערע פּראָבלעם מיטן אויפֿכאַפּן דאָס וויכטיקסטע, צוטרעטן גלײַך צום עיקר. אָ, דעם קהלשן צאַפּ פֿאַר דער באָרד = דז שפּאַסיק.
פֿיג. וועגן אַ נאַטור־דערשײַנונג. אַרומנעמען. אַנכאַפּן. אַ רעגן, אַ שטורעם, אַ זאַווערוכע אע נעמט אָן דעם מענטשן. ,,ווי דער שלאַקסרעגן האָט אים אָנגענומען, איז ער אין אַ קרעטשמע אַרײַנגעקומען,, פֿל.

—
,
פֿיג. וועגן פֿ ײַ ע ר. דאָס פֿײַער נעמט אָן הויז נאָך הויז. ,,דאָס פֿײַער קײַקלט זיך... איך האָב מורא עס זאָל נישט אָ,... דעם קצבֿס שטובֿ,,, שע אַלט־נײַ כּתרילעווקע.
4. אָנשעפּן. אָ, אַן עמער וואַסער בײַם ברונעם. ,,מאָטעלע, נעם מיר אָן אַ קוואָרט וואַסער,,,

שע, מאָטל I. „קרעמער ניצן אַ גרויסן לעפֿל
אָנצונעמען מעל, צוקער וכד'‟. *אָ, אַ פֿול
מויל מיט וואַסער = (פֿאַר)שווײַגן. אויך: אָ,
וואַסער אין מויל אַרײַן. „ער האָט אָנגענומען
אַ פֿול מויל מיט וואַסער או□ שאַ‟, שע,
אַלט־נײַ כתרילעווקע. „שמואליק פֿלעגט זי
אויסהערן, אָ, וואַסער אין מויל און
אָוועקגיין‟, שע, יאָסעלע סאָלאַוויי.
5. אַקצעפּטירן. אָ, וואָס מע לייגט פֿאָר. אָ,
ברצון. אָ, לית־ברירה. אָ, אַ וועקסל אַנשטאָט
מזומנים. „נעמסט אָן אומגעציילטע געלט —
פֿאַרשפּילסטו דײַן וועלט‟, שוו. „זוא וויל איך
עשׂ מיט ווילן אַלשׂ גערן נעמן אַן‟,
שמואלבוך, סטראָפֿע 1481. „נעם אָן איין קליינן גיווין
און, שלאָג דאז געלט ווידר אום צו קאַפֿין □
אַנדרי סחורה‟, □ צוכט. „טוא דײַן צארין פֿון זיא
אפ איבר די חטאָים גדולים. דיא דײַן עונש
אַן נעמן מיט גאַנצין הערצן‟, שלמה זלמן
בול, 'אַ קלאָג־ליד אויפֿן קאַלטן ווינטער 1784,
[ריבֿ, אַמפּ I]. „גאָט האָט... זיך צומערשט
אַרומגעטראָגן [מיט דער תּורה] צו די פֿעלקער
פֿון דער וועלט. אָבער קיינער האָט זי נישט
געוואָלט אָ', נאָר די ייִדן‟, אַש, תּהילים־ייִד.

"ער ציטירט אַ רמבּ,,ם וואָס זאַגט: דאָס
בּיתדין איז געוואָרנט ניט אָנצונעמען קיין
שילומים פֿון אַ רוצח, נישט פֿאַרגעבּן אים דאָס
פֿאַרבּרעכן,,, בּצג, טמז, 16 XI 1964.
אָ אַ מתּנה, געשאַנק שׂכר, לוין,
אויסלייז, ,
געלט, שוחד, ערבֿות(־געלט) אע. אָ, אַ משכּון,
אָ פּקדון. ,,דאָס ערשטע פֿאַרדינסט מוז ער אָ'",
נחבּ, 'מעשׂה מבּן מלך ובן שפֿחה שנחלפֿו,.

אָננעמען

"ער זאָל אים ניט אָנבּאָטן אַ געשאַנק וואָס
יענער וועט ניט אָ'", אמד, הלכות דרך ארץ,
ווילנע 1871. ,,ער וועט קיין שום
אויסלייזגעלט נישט אָ'", מס, משלי תקע"ד, ו, 35. אָ,
דעם אמת, די וואָר(הייט), די פֿאַקטן, די
געשעענישן א□ן לעבּן. אָ, אַז די צײַטן בּײַטן זיך.
,,שעהמי זיך ניט אַן צו נעמן דעם אמת, ווען
דירס אַך זגט איין שלעכטר [= געוויינלעכער]
מאַן", מבֿחר הפּנינים, הומבּורג תּצ,,ט, ז/א.
"דיא (חכמים) האָבּן געזאָגט (קבּל את האמת
ממי שאמרו) דז איז טײַטש נעם אָן די וואהר
הייט פֿון דר עשׂ גזאגט האָט", שאַר, אַמשט

.1743

אָ, עמעצנס רייד. אָ, דעם ענטפֿער, דעם צוזאָג, די אַנטשולדיקונג. אָ, אַן עצה, אַ מיינונג, דעם אָנווײַז, פּלאַן אע. "זי נעמט אָן זײַן יעדע עצה און וואוהין ער שיקט זי — גייט זי", אלף כּץ, ,דער קוקו און די קו'. "ער, סענדערל, וועט זײַן פּלאַן אָ',,, ממוס, מסעות. ,,מײַן קינד אַז דו וועסט מײַנע רייד אָ, און מײַנע אָנזאָגענישן זיך רעכט אין זין אַרײַננעמען", מס, משלי תּקע"ד, בֿ, 1. "האָט אונדז דער רבֿי געזאָגט, ער וויל דאָס איבערבעטעכץ אָ'", יפּ. אָ, אַ תּנאַי, באַדינג, אַ קאָנדיציע. ,,נעמט אָן די קאָנדיציע, ווײַל דער באַדינג איז גאָר גינסטיק פֿאַר אײַך".

אָ, אַ משפּט, אַן אורטייל, אַ שטראָף, אַן עונש. אָ, די פֿאַרטיידיקונג. אָ, דאָס עדות־זאָגן. ,,וויל ער דשׂ משפּט אַן נעמט ריד ער ניקשׂ מער דריין", 'כּ"י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פּש III]. ,,ער נעמט גערן שטראָף אָן", לט1, הקדמה. ,,איירי קינדר... נעמן קיין שטראָף אַן", שעריר, כ, 30.

אָ, דעם בריוו, דעם דאָקומענט אע. אָ, די פ אַ ר בּ ע ט ו נ ג. אָ, די ר ע ז י ג נ אַ צ י ע.

אָ, פֿאַר ל י בּ פֿאַר גוט פֿאַר גוט(ן), אין

גוטן מוט, מיט שׂמחה, מיט ליבשאַפֿט, גערן. מצדיק זײַן. מקבל באַהבֿה זײַן. „וואָס גאָט גיט דאַרף מען אָ, פֿאַר ליב“, שוו. „נעמט דיזש ספֿר 'מראה המוסר, פֿאַר גוט אַן“, צוכט „דאז ווײַב איז קומן אונ, הוט אים [איובֿן] ווערלין אַן רייצן ער זולט דשׂ ניט גויטליך אָ,“, בראַנט. „אַ ייִד באַדאַרף דאָך אַוודאי אָ אַלצדינג פֿאַר

גוטן„, שע, טבֿיה „נעם אָן אויף זיך גערן די ייִדישע יסורים„, ממוס, 'שם און יפֿת'. *אָ,

פֿאַר זיכער — זײַן בײַ זיך זיכער, גלייבן אין דערפֿאָלג, ניט האָבן קיין ספֿקות. אָ, אַר גוט געלט — נאַאיוו גלייבן. געטרויען.

6. גינציק אויפֿנעמען. מקבל זײַן. אָ, אַ תּפֿילה, אַ געבעט. אָ, די תּשובֿה. אָ, דעם בעלתּשובה. „(ואתה) אונ, דו בישׂט איין דר ברמיגר דער דא אַן נעמט דיא זעלביגי די תּשובֿה טון“, מחזור ר„ה ויו„כ, הומבורג 1721, צג/ב. “ווײַל ער נאָך מיט עבֿירות איין גריכט איז, אַזו נעמט מן אים זײַן תּורה ניט אַן פֿאַר

הש,,י,,, עח, סג/ד. ,,אויבֿ ער האָט גובֿר געווען
זײַן יצר, נעמט מען אָן זײַן תּשובֿה,,, תּניא,
קא. "נייג זשע צו מיר אויך דײַן גנאָד,
באַשאַפֿער, און טו אָ, מײַן ברענגונג", יעקבֿ
פֿרידמאַן, די לעגענדע נח גרין. "ווען כּלל־ישׂראל

16()4

וואָלטן זיך באַדאַכטן צו עסן אינאײנעם באָרשט
שבת־צונאַכט, / וואָלט דער בורא ברוך־הוא,
זייער געבעט אָנגענומען", גאַר, יודישע לידער,
וואַרשע 1889. *אָנגענומען ווערן (בײַ גאָט) =
פֿאַררעכנט ווערן וו אַ מצווה פֿאָר עפּעס וואָס

איז עכט און ריין. ,,ווער די תּחנה וועט
לייענען — וועט די תּפֿילה פֿאַר געוויס אָנגענומען
ווערן", רה בת טובֿים, תּחנה שער היחוד על
עולמות. "ווען איינער גיט צדקה צו אַן אָרעמאַן
אַז איטלעכער זעט... ווערט די צדקה ניט
אָנגענומען בײַ גאָט,,, חה, זשיטאָמיר, 1848,
כז. אָ, (אויף זיך) די תּשובֿה = דורכפֿירן

איבער זיך די שטראָף וואָס אַ צדיק האָט

אַרויפֿגעלייגט אויפֿן בעל־תּשובֿה.

7. צושטימען. אײַנשטימען. מסכּים זײַן. האַלטן פֿון עפּעס. אָ אַן אידיי(ע), טעאָריע,

,

שטאַנדפּונקט, געדאַנק, רעיון. אָ אַ הנחה. אָ,

,

יענעמס רייד, מיינונג. אָ, זייער דעה. אָ, אַ פּשרה. אָ, דעם דיכטערס פֿאַנטאַזיע. אָ, די השערה וואָס לייגט זיך אויפֿן שׂכל. אָ, אַ טעם (מאָטיוו) וואָס איז געבויט על־פּי־דין. „אָ, אַז באַגיין אַ זינד באַטײַט אַז דער רצון התּחתּון געווינט די אייבערהאַנט איבערן רצון העליון“. „יסודות קען מען ניט דעבאַטירן — אָדער מע נעמט זיי אָן אָדער מע וואַרפֿט זיי אָפּ“, הרבֿ י. ד. סאָלאָווייטשיק, 'שיעור', אַטלאַנטיק־סיטי תּשכ„ג. „דער קאָצקער רבי האָט געזען אַז די וועלט וויל נישט אָ, זײַן דרך, האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן פֿון דער וועלט„, מ. אונגער, טמז, 14 I 1968. „זינט מיר אַלע האָבן אָנגענומען דעם רעיון ישובֿ ארץ־ישׂראל, איז געקומען משיח„, שע, מע יות און פֿאַנטאַזיעס.

8. אַרײַננעמען אין קאָפּ. האָבן אין זינען.

אָ, אין אַ כ ט. אָ, אין באַטראַכט. אָ, די שטראָפֿרייד. אָ, זײַנע רייד ווי נבֿיאישע ווערטער. „דער עשיר דער נאַם דיא ריד פֿון דעם שטערן זעהר אַן“, מבֿ, מעשׂה ו. „שוין אין תנך ווערט 'שמועה, באַנוצט אין זין פֿון אָ, די רייד און טאָן לויט זיי„, יע, מענטשלעכער קערפּער וואַרשע תּר"פּ. „האָט מיר די מאַמע אָנגעזאָגט אַז איך זאָל בעסער ניט צוהערן זיך צו די ווײַבערישע רייד, ווײַל ס'איז ניטאָ וואָס אָנצונעמען“, דטש, דןקאָר

9. זיך משער זײַן. צולאָזן דעם געדאַנק. עס איז גרינג (שווער) אָנצונעמען. לאָמיר אָ, אַז... עס וועט זײַן אַ טעות אָנצונעמען. האָבן אַ סיבה אָנצונעמען... אָנגענומען אַז עס איז טאַקע אַזוי. „איך האָב אורזאַכן אָנצונעמען אַז ניט זעלטן ווערט אַפֿילו אַ ראַדיקאַל אויפֿגעציטערט פֿון דעם געדאַנק אַז זײַנס אַ קינד וועט חתונה האָבן פֿאַר אַ קריסט„, זשיט X, נ"י 1919. "אַפֿילו מע זאָל אָ אַז צײַט איז אי,

-

בּערהויפּט אַן אויסדוכטעניש“, באַש, פּאָר,
14 1966 I. (מאַט) לאָמיר אָ, אַז איז גלײַך a.
לאָמיר אָ, אַז איז גרעסער פון a און
קלענער פון].
1O. איבּערנעמען. נאָכמאַכן. אַדאַפּטירן. אָ,
גוטע (שלעכטע) מידות. אָ, די פּירונגען פון די
אומות־העולם. אָ, דעם רבּינס גענגעלעך. אָ, די
פּרעמדע מאָדע. אָ אַ פּרעמדן גלויבּן. „דאַרום
,

אָננעמען

ווער איך דיר דשׂ לעבּן שענקן, ווען דוא דיא
(אמונת נוצרים) ווילשׂט אַן נעמן„, שאַר, ל.
„יענע האָט... געמוזט אָ, גריגאָריאַנסטווע,
ווײַל זי האָט חתונה געהאַט פּאַר אַן אַרמענער“,
בּערג, בּײַס דניעפּער II. „זיך אין יענע בּגדים
קליידן... גאָלן בּערד און שערן ווי זיי
פּאו ... הייסט עס אָנצונע ען זייערע דעות„,
ממוס, יודל „איז זיי גרינגער געווען
אָנצונעמען ווילד־פּרעמדע מאַנירן“, ממוס אַ סגולה....
„אָננעמענדיק אַן אַנדער שפּראַך, צעשטערט
מען נאָך ניט די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט,

מע רויבט אָבער פֿון איר אַוועק איר פֿאָרעם,,, טוביה, דאָס נײַע לעבען, דעצ, 1910, בײַלאַגע.

אָ, אַ נ אָ מ ע ן. "נאָך דער חתונה נעמט די פֿרוי אָן דעם מאַנס פֿאַמיליע־נאָמען".

11. האַלטן פֿאַר. באַטראַכטן ווי. מחשיב זײַן. אָ, דאָס שווײַגן ווי אַ צושטימונג. אָ, זײַן שרײַען ווי אַן אויסבראָך פֿון היסטעריע. אָ, רייד אַזוי ווי מעשׂים. אָ, זײַן וואָרט פֿאַר אַן אמת גמור. ,,אַלזו דיא רופֿאים דען חתן...

פֿאַר לעבנדיג אַן גינומין", גה 62. ,,דער דײַטש האָט מיר [= מיך] אָנגענומען פֿאַר אַן

אַראַבער", מר I י. ,,מע זאָל דיך ניט אָ, פֿאַר אַ קליינשטעטלדיקע", י. גוידאָ, דער נײַער פּראָצעסניק, ווילנע 1893. ,,דעם שאָטן פֿון באַרג האָבן זיי אָנגענומען פֿאַרן באַרג אַליין", דניאלי, אונדזערע קריטיקער, ווילנע 1906. ,, שלומעליכמס געלעכטער [האָט מען] אָנגענומען פֿאַר אַ לאַכן מיט קרעמענעס", שנ, שלום אַש.

אָ, איינעם פֿאַרן צווייטן = אויך: מאַכן דעם איינעם פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן צווייטן. ,,דײַן

-

וואָרט איז מיר גענוג און איך נעם דיך אָן
פֿאַר דײַן ברודער". „ווער עס האָט מאַכט צו
שטראָפֿן זײַן הויזגעזינד און שטראָפֿט ניט,
נעמט מען אים אָן פֿאַר דעם גאַנצן
הויזגעזינד", עפּש, עץ חיים, קיצור של"ה אָרט?
יאָר?
12. נעמען אויף זיך, זיך מתחייבֿ זײַן
עפּעס צו טאָן, זיך פֿאַרפֿליכטן צו עפּעס. אָ,
אַן אַרבעט, אַ שליחות. אָ אַ פֿאָדר(י)אַד. אָ,
,
ד אַרענדע. אָ, דעם אַרויסרוף, די
אויפֿפֿאָי
דערונג. אָ, אויף זיך אַ נדר. "דער וואָס קען
ניט פֿיל פֿאַרטראָגן זאָל קיין גרויסע אַרבעט
ניט אָ"", שוו. "ער האָט ניט מיט וואָס אַ טאָג
איבערצוקומען און נעמט אָן צו צאָלן
וואָכנגעלט", פֿוול (וועגן אַן אָרעמאַן אַ בעל־צדקה).
„ווען איינער ברענגט אַ פלעט, אַזוי מוז מען
אים אָ"", עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו
1796, פּרק יח. „זיי האָבן אָנגענומען דאָס
אומנות פֿון זייערע עלטערן", מחזור לשלוש
רגלים, סלאַוויטע 1832, צז/ב. "האָט די קבוצה

אָנגענומען אַ שטיק ברוק צו פֿאַרריבטן,,, בּ.
דעמבּלין, צוויי און א דריטער, נ,,י 1943.
13. דז ווי בּײַם בּ2 1, ווענן אַ פֿאָזיציע. אָ,
אַ פּאָסטן. אָ אַ שטעל. אָ דאָס רבּנות אין
,
שטעטל. ,,ס'איז אַ שטעל ניט אָנצונעמען און
ניט אָנצוהאַלטן,,. אָ, צו זײַן אַ גבּאי, אַ
פּרנסחודש אע. ,,דער חזיר[־]הערט... דער וואַר
צום שולטיס ערווילט אונ, אַן גנומן,,, '
שילדבּורגר זעלצאַמי אונ, קורצווילינגי גישיכטי,

אָננעמען

[אַווע III]. ,,דוא זאָלשׂט אויף יהודים קיין מוכס
נאָך קיין שוטרת אַן נעמן,,, עיון, ח/א. ,,דער
טאַטע האָט ניט אָנגענומען דעם כּסא־הנשׂיאות,,,
לדבּ, נ,,י תּשי,,ז. ,,... זיך ווערט פֿרייאן די
גנצי ערד... ווען איך, גאָט, ווער מײַן
מלכות אַן נעמן,,, סהמ, יחזקאל, לה, 14.
אָ, אַ ק אָ נ ד י צ י ע צו לערנען מיט די
קינדער פֿון ייִדישן 'פּאָמעשטשיק',
לאַנדבּאַזיצער. ,,אוראָקן בּאַדאַרף מען מער קענען אָ',
מער ווי קענען קענטעניש“, י. מ. אַלפּעראָווי ,
דיא וועלט מלחמה..., ווילנע 1905. ,,איז...

געבליבן אָן אַ פֿאַו און אָן מיטלען. ער האָט
אָנגעהויבן אָ, שטונדן,,, באַש פֿאָר, 2 1960 I.

אָ אַ ר אָ ל ע. אָ אַ גרעסערע (קלענערע

ראָלע. ,,... אָנגענומען די ראָלע פֿון ווערן אַן
אונטערשמײַסער בײַ היטלערן", בצג, טמז,
.I 19 3
14. אָנדינגען. אָנשטעלן אויף אַרבעט. קריגן
אַרבעט און זיך מתחייבֿ זײַן זי צו טאָן. אָ,
אַ געזעל, אַ געהילף. אָ אַ ה אַ נ ט. אָ, עטלעכע

נײַע מ ע נ ט ש ן. ,,אַ סאַרקערטע וועלט (אַן

עולם הפֿוך) — אַ שוסטער נעמט אָן
אויפֿצונייען אַ גאַרניטער און אַ בלינדער צו זײַן אַ
היטער,, פֿוול. ,,הבהעלפֿר... זאָל זיך ניט דר

וועגין אַן צו נעמן נער קטן... ללמוד עמו
בבית,,, 'תקנות ק,,ק ניקלסבורג', 1676. ,,האב
תיכף איין מלומד אַן גינומין,,, גה, 361. ,,דײַנע
בעל פֿ:תים וואָלטן דאָך אים פֿאַר קיין מלמד
ניט אָנגענומען,,, ב. בעקערמאַן, ר, בצלאלקע

מלמד, וואַרשע 1895. „אַרויסגעקוקט אָנצונעמען בײַ דער בעל־הביתטע אַ פּאָר טוץ זאָקן אין גלײַכן געלט אויסצואַרבעטן„, ממוס, ווינטשפּ. „קומען וועט ער [משיח] גיך און באַלד... אַ סימן האָסטו: דײַן מאַן... האָט אָנגענומען אַ פּאָר אונטערגעניי„, ב שאַפּיר, אַבֿרהמל דער שוסטער, אַדעס 1911.

15. אַרײַננעמען אין אָ גרופּע, אין אַן אַנשטאַלט, אינסטיטוציע. אָ, אין שול, אין אוניווערסיטעט. אָ, אין אַ חבֿרה פֿאַראיין. אָ, פֿאַר

,

אַ מיטגליד. „ענטוורט אים [משהן] הקב״ה: איך מיין דײַן פֿאָלק, דאשׂ איז דאשׂ (ערבֿ רבֿ) האשׂטו אַן מײַן ווילן אַן גינומן„, טח, שמות, לבֿ, 7, רשי. „מלמדי תּנוקות מאָגן האבן כ„ה תּלמידים אונד וואָן איין בהעלפֿר הט אָרבעים תּלמידים אַן צו נעמן„, ר, אבֿרהס בר, מאדיל סג„ל מאיטינגין, שהיה מלמד בק„ק האַג, מערכת אַבֿרהם פֿיורדא תּקכ„ט [1769].

,

16. אויפֿנעמען. מקרבֿ זײַן. מקבל־פּנים זײַן. באַגעגענען. שיין אָ'. אָ, מיט אַ ברייטן שלומעליכם. אָ, פּאַציענטן, אינטערעסאַנטן. אָ, אַ פֿרעמדן ווי אַ לייַבלעכן קרובֿ. „האבן אים

רבי חייא און, רבי יוסי אַן גנומן און, הבין
אים צו עסין געבן“, ◻יח ה◻Iדה, פֿיורדא תצ„ג,
פּרק ה. „נים מיט פֿריידן אַן איין... גאַשׂט,
זינדיג ניט דשׂ דוא וועלשׂט זאגין: וויא איז
דשׂ איין לאַשׂט„, Sto II, ח/ב. “אַן אַלי אורטן
האָט מן אונשׂ [די פּליטים] אַן גינומן“, ווינץ.
„מע זאָל שבּת און יום־טובֿ אָ, פֿרי„, חה,
זשיטאָמיר 1848. „ס'איז נאָך נישט אויסגעזעצט

1◻()5

בּײַ אײַך די שעהן ווען איר קענט אָ'„, ווײַס,
קנאה און תּאווה.
17. באַקומען. קריגן. מאַכן שאַפֿן. אָ אַ
,
פֿאָרעם, אַ געשטאַלט, אַן אויסזען. אָ אַן
,

אַנדער פּאָזע. יעדע רגע אָ, אַן אַנדער פּנים.
“גיסט מען פֿליסיקייט אַרײַן אין אַ כּלי, נעמט
זי אָן די פֿאָרעם פֿון דער כּלי„. „ווײַטער איז
ביקענט דז קיין זאַך קען קיין צו פֿאַל אָ',
צײַטן... וואו דער צו פֿאַל איין אייגינה
נאַטוער איז“, חה, אַמשט 1716. כב/א. „... אַלי

בשעפֿניש דז זיא אַן נעמן אונ, פֿר ענדרן זיך פֿון איין גשטאַלט צון אַנדרן גשטאַלט,,, בע, טו/בֿ.
אָ אַ כ אַ ר אַ ק ט ע ר. אָ, דעם כאַראַקטער

,

פֿון אַ פֿאָלקס־באַוועגונג(־אויפֿשטאַנד). אָ, אַ וו ע נ ד ו נ ג. אָ אַ ווענדונג צום בעסערן

,

(ערגערן). אָ אַ מ אָ ס ש ט אַ כ פֿון אַ גרויסן

,

פֿאַרנעם.
*אָ, ל ײַ כ = ווערן פֿעטלײַביק. *אָ, בֿ ו י ך = קריגן אַ גרויסן בויך. *אָ, ג ע ז ו נ ט = ווערן געזינטער פֿאָרן אויף דאַטשע אָנצונעמען גע.
זונט. *אָ, בלוט און פֿלייש = א) מקוים ווען, דורכגעפֿירט ווערן אין לעבן; בֿ) עס ווערט פֿיזיש אָנזעעוודיקער. אָ אַ נײַע הויט — אַן

—   ,

אַנדער אויסזען, אַן אַנדער כאַראַקטער.
18. באַשליסן, באַשטימען דורך אַן אָפּשטימונג אָדער אַ פֿאַרשטענדיקונג. היפּוך פֿון אָפּוואַרפֿן. אָ אַ באַשלוס. אָ אַ רעזאָלוציע,

דע,   ,

קלאַראַציע. אָ, אַ פֿאָרשלאָג, פֿאָרלייג. אָ, דעם געזעץ־פּראָיעקט, אַ געזעץ, אַ שינוי אין דער קאָנסטיטוציע אע אָ, אַ פּראָגראַם.

19. זיך רעכענען מיט עפּעס. באַשטעטיקן. אָ, די גאַראַנטיע, די זשירע. אָ, דעם חשבון ווי ער איז צוגעשטעלט געוואָרן. „טוט דאָז דער פּ„ה [= פּרנס־החודש] ניט כנ„ל, זל מן זײַן חשבון הוצאות ניט אַן נעמן כלל„, תקק. *אָ, א י ן חשבון = אַרײַנרעכענען, מיטרעכענען. פֿאַרגעסן אָנצונעמען אין חשבון דעם אָנווער פֿון פֿאַראַיאָרן.

2O. באַשטימען עפּעס בײַ זיך און (פּרוּוון) דורכפֿירן, טאָן. אָ אַ נײַעם אופֿן לערנען. אָ,

,

אַ נײַע צײַט־פֿאַרטיילונג. אָ, דעם דערווײַל ניטאויסגעפּרוּווטן מיטל. אָ, מ י ט ל ע ן. אָ, שריט. „האָבּ איך אָנגענומען דאָס באַקאַנטע מיטל וואָס אַ ייִד געבּרויכט אין אַ נויטפֿאַל„, ממוס, שלמה. אָ, שטרענגע מיטלען קעגן דער פֿאַרשפּרייטער פֿאַרבּרעבערישקייט.

21. אַרכ. אַקוזוו. אַנשטאָט: אונטערנעמען, איבּערנעמען, באַהערשן, גובֿר זײַן. „ווערלין מיר גיין אויף דז ראַט הויז און, ווערלין די

הערש[אַ]פֿט אַן נעמן,,, בראַנט, פּרק לא. ,,זענין מיר... די לושׂטיר רײַז אַן גינומין,,, גה, 253.

22. אַרכ. אוטוו. אַנשטאָט אָננעמען זיך, פֿאַרטיידיקן. ״זיי האבין... די טאטירן משחד גיוועזין דאשׂ זיי ניקשׂ אָ, פֿיר די יהודים זאָללטן,,, מעמtה אומן.

23. אוטוו, דריטפּערזאָניק. צושטיין. זיך באַהעפֿטן. האָבן די נייטיקע פּעולה. די אײַנשפֿריצונג, די פּאָקן נעמען אָן. אַנטיבּיאָטישע

אָננעמען זיך

מיטלען וואָס נעמען ניט אָן בײַ אַלעמען. ,,דאָס צווייטע מאָל האָבן די געשטעלטע פּאָקן אָנגענומען,,. די פֿאַרב, דער בייץ, די טינט אע נעמען אָן. ,,אַז דער בייץ האָט שוין אומעטום גלײַך אָנגענומען, קאָן מען זיי לאָזן רואיק קאָכן״, ש. שפּיראָ, קליידער פֿאַרבערײַ, וואַרשע 1900. ,,מע האָט פֿאַרזעצט ביימלעך און זיי האָבן אָנגענומען,,. ,,דר בוים האָט דיא נטואיר פֿון דשׂ לנד... ניט גוועלט אַן נעמן [אין לחוץ לארץ]״, יוסיפֿון, אַמשט 1743, פּה/ב.

24. אוטוו, דריטפּערזאָניק. ווערן פּאָפּולער. זיך פֿאַרשפּרייטן. האָבן דערפֿאָלג. אַ פּיעסע,

פָֿאָרשטעלונג אע קען אָ,. ,,קיינער האָט זיך ניט
געריכט אַז ס'זאָל... אַזוי אָ'", שע,
בלאָנדזענדע שטערן I.
25. אַקוזוו & אוטוו, דריטפּערזאָניק.
באַהערשט ווערן, אַרומגענומען ווערן פֿון אַן
איבערלעבונג, געפֿיל, שפּירונג, שטימונג. עס נעמט
אָן אַ שרעק, אַ פּחד, אַ ציטער אע. דער
יצרהרע, דער חשק, אַן אַפּעטיט, גלוסטעניש אע
נעמען אָן. עס נעמט אָן אַ ברעכונג, אַ
ניטגוטקייט, אַ שלאַפֿקייט, אַ ווייטיק אין ברוסט,
אין האַרצן אאַזוו. ,,די נשמה פֿון גוף וועט ווערן
אָפּגעשיידט, גרויס ציטערניש וועט דיך אָ',,,
ספֿר ישרי לבֿ, ווילנע 1867, ז, 28. ,,דעם
קאַראַבעלניק האָט אָנגענומען אי אַ רחמנות אי אַ
חשק צו די 150 פֿראַנק,,, מ. אַחון, סיפּור משני
בעלי־תּשובֿה, ווילנע תּרנ,,ו. ,,עס האָט אים
אָנגענומען אַ מאַטקייט,,, באַש פֿאָר, 27 1968 I.
,

אומפּערזענלעך. עס נעמט אָן בײַם האַרצן
(האַרץ), בײַ דער נשמה = דורכגענומען ווערן
פֿון אַ געפֿיל, ספּעצ רחמנות. ,,דעם חתן האָט
שטאַרק אָנגענומען בײַם האַרצן... און טרערן
האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן,,, ספּ,

גליקליכע און אומגליקליכע. „מיך ניקשׂ אַן גינומען„, גה, 297 = אַרכ. זיך ניט גענומען צום האַרצן, זיך ניט געקלעמט. *עס נעמט אָן בײַם בויך = קריגן בויכווייטיק. אַזוי אויך: בײַ דער ברוסט, בײַ די קריזשעס אע.
אָננעמען זיך — ← דפֿוו. 1. זיך אָנהאַלטן מיט די הענט. „איך וועל מיר אָ, אָן די זײַלן פֿון הימל״, יצחק ראַבינאָוויטש (אויס קאָוונאָ), צווייא פּאַטריאָטישע שירים, נ״י תּר„ן. „רעדט הקבּ״ה צו משה רבינו:... נעם דיך אָן דעם כּסא־הכּבֿוד מײַן„, יענטה בּת הרבֿ מהר״ר יצחק, ע◌ֿtרת הדבּרות בּיכל, [סוף 18. אָדער אָנהייב 19. י„ה].
2. קזוו. זיך צוהאַלטן בײַ די הענט. אָ, זיך בײַ (פּאַר) די הענט. „נעפּלען נעמען זיך בײַ הענט אָן, ווערט אַ גרויסער בלויער נעפּל„, צײַט, מטטרון.
3. אָנרירן אַ גליד פֿון קערפּער. זיך אַ כאַפּ טאָן בּ◌ֿ אַן אבֿר (עמפֿאַטישער אויסדריקן אַ
י
געפֿיל, אַן איבערלעבונג). אָ, זיו בײַם ה אַ ר צ ן פֿון ווייטיק פֿון רחמנות. אָ, זיך בײַם ק אָ פּ
,
בײַם וואונדערן זיך איבער עפּעס (ווי אַן

אויסדר‎ק פֿון התלהבֿות פֿון פּראָטעסט אאַ). אָ,

זיך בײַ די ז ײַ ט ן און זיך צעלאַכן.

4. זיך אײַנשטעלן פֿאַר עמעצן ‎אָדער עפּעס.

אָ‎נעמען ז‎ך

פֿאַרטיידיקן. געבן הילף. [פּרגל אָננעמען, ב22.]

אָ, זיך פֿ אַ ר ן גערעבטן פֿ אַ ר דער

גערעכ‎ ,

טער זאַך. „פֿאַר מיר וועט קיינער זיך ניט אָ',„.

„דער תּלמיד איז מחויבֿ זיך אָנצונעמען פֿאַרן

רבּין„. „ייִד פֿאַר ייִד נעמט זיך אָן„, שוו. „וויא

קומטשׂ דז דוא דיך דיא זך מין [= מיין, מער]

אַן נעמשׂט אַז דיא אַנדערן„, טח, בּראשית, מד,

19. „האבּן זיך ניקשׂ אַן גנומן דיא ז[אַ]ך„,

אַהרן בּר, יוסף, איין שין נ‎.א ליד פֿון אובן,

פֿראָג תּמ„ח [אַקוזאַטיוו?]. „גאָט וועט זיך אָ,

פֿאַר זײַן פֿאָלק„, תּי, תּהלים, קלה, 4. „קנאָים

וואָס נעמען זיך אָן פֿאַר דעם דת... זייער

גאָנצע גבֿורה איז נאָר רודף צו זײַן זייערע

אייגענע בּרידער“, אמד איבּז, דער גלגול,

וואַרשע 1867. „די אָרעמסטע, די

דערשלאָגנסטע, די נידעריקסטע, וואָס זיי זענען שוין הפֿקר פֿאַר זיי נעמט זיך קיינער ניט אָן",

,

ממוס, 'בּישי◌ה של מטה'.

אַרכ [פֿון צײַט צו צײַט אויך בּיזן סוף 19.

י,,ה] קומט דער געניטיוו מיט אָ, זיך. אָ, זיך

דײַנער, זײַנער, אירער, אאַזוו◌ ,,גאָט, גידענק אַן

מיך אונ, נעם דיך מ◌.[ר אַן,,, שעריר, טו, 15.

"האָט זיך זלמן גנשׂ ע,,ה אַן גינומין דער

יתומה חנה,,, גה, 335. "זאָלסט קיין אָרעמאַן

נישט בּאַרײַסן... השי,,ת נעמט זיך זייערער

אָן,,, מס, משלי תּקע"ד, כב, 22־23.

אָ, זיך די ק ר י וו ד ע , (דעם כּבֿוד, דעם

קריג, די קורץ, די ערגערניש) פֿון עמעצן. ,,נעם

דיך אונזר קריג אַן,,, יוסיפֿון, אַמשט 1743,

יז/ב. "מײַן בּאָרד פֿון יענער וועלט האָט זיך

מײַן אָבֿידע [◌ ז, 7] אָנגענומען,,, גאָר, די

בּאָרד, זשיטאָמיר 8◌18. *אָ, זיך גאָטס קריוודע=

איר, אַרויסטרעטן קעגן אַן אַפּיקורס, קעגן אַ

ניט פֿרומען, קעגן עפּעס וואָס איז (כּלומרשט)

ניט על־פּי דין. ,,שיינע ייִדן, גאָטס סטראַפֿצעס,

נעמען זיך אָן גאָטס קריוודע", ממוס, 'די

אַלטע מעשׂה'.

5. נעמען אויף זיך. זיך אונטערנעמען.
[פֿרגל אָננעמען בּ12, בּ2o.] אָ, זיך צו שטיצן
מיט חודשלעכע צאָלונגען. אָ, זיך אָנצושרײַבּן
אַן עסיי בּמשך פֿון איין וואָך. „נעם דיך ניט
אָן צו משפּטן גרושׂ און קליין, אויך ווען גלײַך
צווישן יוא און ניין“, עיון, כד/א. „דאז וואז
[= וואָס] איך... עז וואַל קאז / איך נעם מיך
וואַל איין זאָלכשׂ אַן“, ספֿר משלים, פֿ□דמ 6□16,
לא/א. „איז בּעוונות קייניר דער זיך אָן נעמט
צו טאָן ווידר שטאַנד„, □ה II, יח.
6. גרייט זײַן אויף עפּעס. זײַן וויליק צו
טאָן עפּעס וואָס איז שווער, ניט־אָנגענעם. *זיך
אָ, פֿאַר די אויערן = זײַן גרייט צו שטײַגן צו
אַ העכערער מדרגה. „אַז קיין קינד וויל ניט,
וועל איך זיך אָ, צו שפּילן המנען„. “דער רבֿ
האָט זיך אָנגענומען אויסצומוסרן די נגידים“.
“מען וועט לאַכן פֿון מיר, מוז איך זיך דערויף
אָ', — לאַכט פֿון מיר, טוט וואָס איר ווילט„,
פּלאי, המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ„ב. „האָט
לייוויק זיך אָנגענומען מיט דער ייִדישער
שליחות צו זײַן דער אומרו־גלאָק„, בּ. ריווקין, ה.
לייוויק....
7. ווערן דורכגענומען, דורכגעדרונגען □מיט

אַ געפֿיל [פֿרגל אָננעמען ב2]. אָ, יך מ י ט רחמנות, מיט צער, מיט בענקעניש אע. ,,
אָנגענומען זיך מיט צער פֿאַר דעם לאַנגן טאָג,,, אַר, 'צום טרוים,. ,,שיכּורט זיך אָן דאָס לײַב,
ס'נעמט זיך אָן מיט בענקעניש און מיט
ווייטיקדיקער טרוימערישקייט,,, א. קאַהאַן, מענטשן פֿון אַלקער, מאָסקווע 1927.

8. אַרײַנקריגן ווי אַ שטריך פֿון דער אייגענער פּערזענלעכקייט (דורך לערנען, איבערנעמען אאַ). אָ, זיך מ י ט גוטע מידות, מיט מאָ.. נירן, מיט וויסן, מיט תּורה פֿון מײַן מלמד
,, .
האָב איך זיך אָנגענומען מיט תּורה און גוטע מידות". ,,זיא זאָל זיך פֿאַר דען פֿרעמדן שעמן און, זאָל זיך אַלי גוטי מידות אַן נעמן", ספֿר משלים פּפֿדמ 1686, מד/א.

,

9. זיך אַרויפֿצווינגען אַן אייגנשאַפֿט פֿאַר אַ באַשטימטער סיטואַציע. אָ, זיך (מיט) כּוח, מיט גבֿורה. ,,שׂרהקע האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע כּוחות... און עס אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם", אָפּאַ, אַליין. אָ, זיך מיט מוט (מיט קוראַזש). *אָ, זיך (מיט) האַרץ = ווערן

באַהאַרצט, מוטיק. „איך האָב מיר אָנגענומען
האַרץ, יהיה אַיך שיהיה, לאָם איך אַנטלויפֿן„,
קמ 26 1870, No. „דאָס פֿערדל... נעמט זיך
אָן מיט האַרץ און בריקעוועט און שטעלט זיך
דיבאָם“, ממוט, 'צוריק אַהיים'.
1O. זיך אָנשטעקן. „שווער זיך צו פֿאַרהיטן
פֿון אַ קלעפּיקער קרענק — מע נעמט זיך אָן„.
„דאָס קינד קאָן זיך גרינג אָ, [די קראַנקייט]
דורך דעם זייגן“, מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע
מוטער, ווילנע 1836. “גיכער קען מען זיך אָ,
פֿון די וואָס האָבן אָקערשט איבערגעטראָגן
סקאַרלאַטין“, צש, פֿגעז, 10 1924, No. „די
קלי ! ה זאָל אין אַזאַ אונטערגאַנג... צו זיי זיך
אויך נישט אָ'“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'.
11. צושטיין. זיך צוקלעפּן. “דער צונאָמען
האָט זיך אָנגענומען ווי שוואַרצע פּאָקן“, חג,
 צמח אַטלאַס I. „מײַן בחור האָט אָנגעהויבן
אַרײַנצוקומען צו דער אַלמנה איין מאָל און
צוויי מאָל און... צען מאָל — עס האָט זיך
אָנגענומען“, שע, 'דער מיסטייק', סאָוו,
היימלאַנד, 2 1961, No.
12. (בײַ געוויקסן) זיך אײַנוואָרצלען.
געדײַען. גערוֹטן. “אַן איבערפֿלאַנצונג וואָס האָט
זיך קיינמאָל ניט אָנגענומען“, באַש, פֿאָר, 1962

X 14. ,,ער איז אַ זאָמען־קערנדל וואָס... האָט
זיך דאָרט אָנגענומען און עס איז
אויסגעוואַקסן... אַ בּוים“, ש. בּיקל, שרײַבער ון
מן דור I. ,,די זריעה נעמט זיך אָן... עס
וואַקסן אַרויס דאָרט דור־דורות קינדער,,, ממוס,
)ירה.
13. זיך אײַנפֿירן, ווערן פּאָפּולער [פֿרגל
אָננעמען בּ24]. אַ מאָדע וואָס נעמט זיך אָן.
די פֿילן קעגן שוואַנגערשאַפֿט האָבּן זיך
אָנגענומען. ,,אַמאָליקע יאָרן פֿלעגט געדויערן אַ סך
מער צײַט בּיזוואַנען טעכנישע אויסגעפֿינסן
פֿלעגן זיך אָ',,, מוו, די שוואַרצע פּינטעלעך.
,,יִדיש האָט זיך נישט אָנגענומען אין די
אימיגראַציע־לענדער,,, י. זעליטש אוין שועל,
נ“י פֿעבּ, 1964.
,

אָננעצן

14. זיך אָנשעפּן [פֿרגל אָננעמען בּ4]. זיך
אָנזאַפּן. זיך אָנטרינקען. אָז די כמאַרעס נעמען
זיך אָן מיט וואַסער אַזוי ועלן זיי אַ רעגן אויף
דער ערד אָנצאַפּן, מס, קהלו[תּקע,,ט, יא, 3.

„די שיך אָננעמענדיק זיו מיט וואַסער, האָבן געפֿײַפֿט„, ממוס, שלמה. „טרוקענע פֿעל מוז מען נאָך לענגער ווייקן.. □ זאָלן איבערפֿולט ווערן מיט וואַסער. אַזאַ צושטאַנד רופֿט מען: די פֿעל האָט זיך אָנגענומען„, וואולאַך, האַנטביכל פֿאַר לעדער־אויסאַרבעט, פּעטראָגראַד 1922. „די לעבעדיקע באַשעפֿעניש זאָלן דערצו גיין אָ, זיך וואַסער„, חה, קסו.

15. אָנצינדן זיך. אָנכאַפּן זיך. „די הילצערנע הײַזלעך אַרום האָבן זיך אָנגענומען און עס איז געוואָרן איין גרויסע שׂריפֿה„.. „אַ האָל□ו, ווען דער פֿײַער נעמט זיך אָן אין איר, קלאַפּט מען זיך דורך“, לדב, מאמר ראָש־השנה, נ„י, ת„ש.

16. זיך באַקומען אין סך־הכּל. אויסמאַכן אויף איין חלק. „וויפֿל ועט זיך אָ, אויף מײַן חלק?“. „עס נעמט זיך אָן אַ היפּש ביסל רווח“. פֿון אַלע בײַשטײַערונגען האָט זיך אָנגענומען

„
אַ היפּשע סומע„.. „אַרויסצאָלן ווימל עס נעמט זיך אָן פֿאַר אַ סאָלדאַט אויף עסן“, קמ, 1862, No 4.

17. ווערן פֿון זיך אָדער בכּיוון מאַכן פֿאַר זיך [פֿרגל אָננעמען, ב17]. זיך אָ, אַ פֿרום פֿנימל, אַ גוטע מינע אע. „ער פּרוּווט זיך אָ,

אויך אַ פֿרום ייִדיש פּנימל“, ממום, 'ד אַלטע
׳

מעשׂה.

־עכ󠀠ן — ,,אַנשטאָט אַזאַ אָ,, וואָלסטו בעסער
געמעגט שווײַגן,,. “יונה, וואָס נעמט זיך
אַלעמאָל אָן פֿאַר שטאָט און פֿון די אַלע אָ'ן ווערט
אים וואָס אַמאָל די צורה און דער קאַרק
רויטער,,, נס, די משפּחה מאַשבּער II. ־עניש.
אָננעמער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. 1. ווער
עס נעמט אָן. דער אָ, פֿון די בּקשות. דער אָ,
פֿון פּאָדר(י)אַד. 2. ווער עס נעמט זיך אָן,
וואָס שטעלט זיך אײַן, וואָס 󠀠אַרטיידיקט. דײַן
-

אָ'. דער אָ, פֿאַר דיר. “ער הוט קיין אַן נעמר
[דאָ: שתּדלן] דער דא זעלט פֿון זײַנט וועגן דעם
מלך איבּר בּעטן,,, חה, אַמשט 1716, קמ/א.
,,דיא קיין אַנדרי העלפֿר אונ, אַן נעמר הבּין
אַלשׂ גאָט“, ספֿר מבֿחר הפּנינים, הומבּורג
תצ“ט, לח/ב. אַ יונג אַן אָ, — (וואוילײונגעריש)
אַ שטאַרקער,, אַן אַלפֿאָנס. 3. ווער עס בּאָרגט
,
כּסדר געלט און גיט ניט אָפּ. 4. דאָס מיט
וואָס מע נעמט אָן. הענטל, אַן אויער. קעפּל

פֿון אַ שטעקן ־יש — אַדי. נעאָל.

.

אָננעפּן — טרוו. נעפּ אָן, ~געגעפּט. פּד (
קוּאַווע אאַ). נעמען אַ קליין ביסל צו
אַרי
זוכן דעם טעם פֿון אַ געטראַנק, געקעכטס אע.
,,מיט ערנסטע ליפּן... האָט זי עטוואָס אָנגענעפּט
אויף דעם ראַנד פֿון גלעזל,,, וו ִיִס II, 'דער
איבערגאַנג'. ,,...האָט סאָשע די פֿישיויך אויפֿן
דרײַפֿוס אָנגענעפּט,,, ק. הײַזלער, קומאַרנער
פּאַרשוינען.
אָננעצן — נעץ אָן, ~גענעצט. טרוו — נאַס
מאַכן פֿײַכט מאַכן. אָ, די מאַרקע. אָ, שטאָף
—,
פֿאַרן פּרעסן. דער רעגן האָט אָנגענעצט דעם

אָננע'רעקן

סופֿיט. אָ, דעם עק פֿאָדעם דורכצוציִען דורכן
שפּעלטל פֿון נאָדל. ,,איז נייטיק דעם פֿאַניר
פֿריִער אָנצונעצן מיט וואַסער כּדי ער זאָל ווערן
ווייכער,,, י. מ. בערמאַן, די טישלער אַרבייט,
פּעטערבורג 1913. ,,די האַרטע... האָר זײַנע
האָט פֿראָיקע אָנגענעצט און צעקעמט“, זש.

אוטוו — (געוויינלעך וועגן אַ קינד) נאַס מאַכן.
אָנפּישן. „דאָס קינד האָט אָנגענעצט אין די
ווינדעלעך„. ־ונג. ־ער (־קע). ־ערײַ.
אָננע'רעקן — ← אָנהרגענען.

-

אָננסיההן — [... נעפֿיכען] אוטוו. נפֿיחה אָן,
~גענפֿיחהט. גראָב. אָנשטינקען מיט
בויכווינט. אָנפֿאַרצן.

אָננסקהן — [... נאַפֿקען] אוטוו. נפֿקה אָן,
י.„גענפֿקהט. אַ לענגערע צײַט זײַן, זיך
אויפֿפֿירן ווי אַ נפֿקה. „געקומען פֿון דער גרויסער
שטאָט און אָנגענפֿקהט בײַ אונדז אין שטעטל„.
אָננקודהוועןן — [... נעקודעווען] טרוו.
נקודהווע אָן, ~נקודהוועט. נעאָל. אָנשטעלן
נקודות. „אויב מיר דאַרפֿן האָבן געוויסע
קאָמבינאַציעס־וואָקאַלן, איז ניט נייטיק אָנצונקודהוועןן,
נאָר פּשוט זיך אויסהעלפֿן מיט אותיות ווי
למשל: טאַוב און טויב„, אאר, ייִשפּ I י, 3 — 6.

אויך: ~ניקודן.

אָן נשמה — [... נעשאָמע] אַדוו פֿראַזע. אָן געפֿילן. „איין תּפֿילה און [= אָח כּוונה איז גלײַך אַז איין לײַבּ און נשמה“, בּראַנט, פּרק לח.

אָננשמהדיק — אַדי. וואָס איז אָן געפֿילן, אָן בּרען, אָן איבּערגעגעבּנקייט. אַ'ע טעטיקייט. ־יקייט.

אָננתנען — [... נאַסענען] טרוו. נתן אָן, ~ גענתנט. (מיט איר בּײַטעם) געון אַ סך (מתּנות). „מע וועט אין [= אײַך] בּאַלד אָ',„ ל. מלאך, אָפּפּאַל, וואַרשע 1922.

אָנסאַדערן — טרוו ־ער אָן, ~געסאַדערט. אַמ. .

o sol(le : <. אָנלייטן. אָ, די דרעטעלעך אין טעלעוויזיע [= טעלעוויזאָר].

אָנסאַזשען — טרוו. ־זשע אָן, ~געסאַזשעט.

1. אָנשמירן מיט סאַזשע, מיט רוס. אָ, דאָס פּנימל. 2. אָנשמוצן מיט סאַזשע. אָ, די שטוב בּײַם רייניקן דעם קוימען.

אָנסאָטען זיך — אוטוו ־טע זיך אָן, זיך .

~געסאָטעט. זיך אָנזעטיקן. זאַט ווערן. ער קען זיך ניט אָ,.

אָנסאָכניען — טרוו ־ניע אָן, ~געסאָכניעט.
סל. אָנטריקענען. אָ, סוכאַרעס. „די זון
סאָכניעט אָן די ערד„.

אַנסאַמבל — דער, ־ען. < איי < ר.
1. גרופּע אַקטיאָרן וואָס שפּילן אַ באַשטימטע
צײַט אין איין טעאַטער. צונויפֿשטעלן אַן אַ.,
אײַנשפּילן דעם אַ.. אַ,־ש פּ י ל — האַלט זיך
ניט אויף די הויפּט־ראָליסטן, נאָר אויפֿן
צונויפֿשפּיל פֿון אַלע אַקטיאָרן. „עס פֿלעגט צוקומען
אַן אַקטיאָר, עס פֿלעגט זיך אָפּרײַסן איינער,
אָבער אין אַלגעמיין איז דער אָ, פֿון דער
טרופּע געווען כמעט דער זעלביקער„, מוק,
מײַנע באַגעגענישן II. „וואַרשע מוז האָבן
גוטע אַ'ען, אַנדערש טאָר מען ניט אָנהייבן

16()7

שפּילן“, ליט, בלעטער, וואַרשע 1932, No 31.
„דער אַ, איז אַ גוטער און מאָריס שוואַרץ האָט
ענערגיע פֿאַר צען אַ'ען“, מאַנ, נאָענטע נ .
שטאַלטן.

2. גרופּע מוזיקאַנטן וואָס שפּילן צוזאַמען. דינגען אַן אַ, פֿון פֿינף מוזיקאַנטן צו שפּילן אויף דער חתונה. 3. אָנזאַמלונג. „אַ'ען פֿון געבײַדעס“, פּמ, מלחמה.

־דיק — אַדי. ־דיקייט — „... די דאָזיקע פֿאָרשטעלונג האָט אויך געוויזן אונדזער אַקטיאָרן־באַשטאַנד, זײַן אַ'דיקייט„, ב. אָרשאַנסקי, טעאַטער שלאַכטן, מאָסקווע 1931.

אַנסאַמבלע — די, ־ס. אַ שפּרונג בײַם טאַנצן, מיט ביידע ֹ.ס צוזאַמען.

אָנסאָפּען (זיך) — אוטוו. ־פּע (זיך) אָן, (זיך) ~געסאָפּעט. פּפֿ: ~סאַפּען (זיך). אַ סד פֿרײַכן נאָך שווערער אַרבעט. שווער האָרעווען. „איך האָב זיך גענוג אָנגעסאָפּעט„, זש, טמז, 6 X 1963. אָ, זיך בײַם גיין באַרג־אַרויף.

אָנסאַקאָטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע אָן, ~געסאַקאָטשעט. פּפֿ: ~סאָקאָטשען, ~סאַקאָצען. סל. אָנקוואָקען ווי אַן הון. אָנפּלאַפּלען נאַריֹ טקייטן.

אָנסאַרגען — טרוו ־גע אָן, ~געסאַרגעט.

.

פּפֿ: ~סאַרקען. [פּרגל אָנסרחען.] פּד. אָנבּרודיקן. אָנשמוציקן. אָ, די שטוב. [<
אָנסמאַרקען?]. ־עניש.

אָנסאָרטעווען — טרוו. ־טעווע אָן, ~
געסאָרטעוועט. אַ סך אויססאָרטירן (איבעריק,
ניטגעראָטן). אָ, גאַנצע בערג עפּל.
אָנסדרן — [... סאַדערן] טרוו. סדר אָן, ~
געסדרט. (מיט ביטול) אַרײַנברענגען אָרדענונג,
מאַכן אַ סדר. „לאָזט אים נאָר. ער וועט שוין
אַזוי אָ אַז עס וועט ווערן דאָס אמתע
צעמי,

שעניש“.
אָנסוד(י)ען זיך — אוטוו ־ד(י)ע זיך אָן, זיך

□

~געסוד(י)עט. משפּטן זיך אַ לענגערע צײַט.
אָ, זיך און פֿאַרלירן אין אַלע אינסטאַנצן.
אָנסודען זיך — [... סוידען] אוטוו, קזוו.
סוֹדע זיך אָן, זיך ~געסוֹדעט. אַ לענגערע
צײַט אָנדערציילן זיך סוֹדות.
אָנסווישטשען — ־שטשע אָן, □,
געסווישטשעט. סל. אוטוו — אָנפֿײַפֿן. „זי איז
פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער איר אָנגעסווישטשעט זי
זאָל זיך אומקוקן“. טרוו — 1. אויספֿײַפֿן
אַ צאָל מעלאָדיעס. אָ, די פּאָפּולערע
מעלאָדיעס. 2. אָפּנאַרן. „אַ יאָלד — סווישטשעט
מען אים אָן„. אויך מיט זיך. ־עניש.

אָנסוועדערן — טרוו. ־ער אָן, ~געסוועדערט.
אַמ. אָנטאָן אַ סוועדער. אָ, די קינדער אין אַזאַ
קאַלטן טאָג. „די מאַמעס סוועדערן אונדז אָן“,
(רייד, נ„י, קינדער אין יידישע שולן).
אָנסוזשעטיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
סוזשעט. אָ'ער ראָמאַן.
אָנסוטען — אוטוו. ־טע אָן, ~געסוטעט.
אָנשוויצן און ווערן רויט. „בײַם קינד האָט
אָנגעסוטעט צווישן די פּיסלעך„

אָנסטעכעדוען

אָן סוף — [... סאָף] — אַדוו פּראַז פּרעפּ
פּראַזע. אָן אַ סוף. אָן ענד. אָן אויפֿהער. „עס
גיסן זיו די טרערן אָן ס„„. „ווועט קומען אַ
סוף צו די צרות אָן ס,?„.
סוב — דער, ־ן [אויסלייג: אָנסוף[
אָןסוף]. דער אָ, פֿון האָריזאָנט. אָ'ן פֿון שניי.
דאָרשטיקע אָנסופֿן. „אין שוים פֿון אָן־סופֿן,
אין אומעט פֿון שוים — ווי גענעצט וויסט־אָפֿן
דער אייביקער רוים„, אַל II, פֿאַרטאָג'.
אָנסופּיק — [... סאָפּיקI אַדי. וואָס האָט ניט
קיין סוף. אומענדלעך. אָ'ער אָפּגרונט. אָ'ע

בענקשאַפֿט. די אָ'ע וועלט. „.... אויף דער אָ'ער
צאָל אַנדערשן'", ברידער גאָרדין, די
טריאום,
פֿעדיע, ווילנע 1914. „ווער עס האָט... דעם
אומעט אָ'ן... דורכגעלייענט אין די
פֿערדאויגן„, צײַט, אַ פֿערד אויפֿן רעגן,. „ער האָט
,

-

זיי אַלעמען גענומען אונטערן שוץ פֿון זײַן
'איך, — וואָס איז אויסגעברייטערט געוואָרן
צו אָ'ע דימענסיעס„, איק 3 1965 II.

אָנסושען — טרוו. ־שע אָן, ...,געסושעס. סל
אָנטריקענען. אָ, שפּענדלעך.

אָנסהרן — [... סאַ'כערן]. טרוו. סחר אָן,
,געסחרט. (מיט ביטול) אָנקויפֿן אַ סך און
איבעריקס. אָ, תּבֿואה און בלײַבן מיט אַ גאַנצן
שפּײַכלער.

אָנסטאַמפּן — טרוו. סטאַמפּ אָן, ~געסטאַמפּט.
אָנשטויסן. צעהאַקן, צעברעקלען אין אָ סטאַמפּ.

אָ, מצה־מעל.

אָנסטאַנעווען — טרוו. ־נעווע אָן, ...,
געסטאַנעוועט. פּפֿ: ~סטאָנעווען. (שנײַדעריש) מאַכן דעם סטאָן ענגער, שמעלער. אָ, דעם מונדיר.

אָנסטאָסעווען — טרוו. ־סעווע אָן, ..,

געסטאָסעוועט. ocדe: . <. אָנקלײַבן אין אַ קופּע, גרויסן פּאַק. אָ, ציגל, געהילץ אע. „גאַנצע זיבן קאַרבן אָנגעסטאָסעוועט„, י. ליובאָמירסקי איבז, בֿ. גליעבאָוו, דער שניפּס, מאָסקווע 1932.
אָנסטאָס(ע)ן — טרוו. סטאָס(ע) אָן, ~
געסטאָס(ע)ט פֿול אָנשטאָפּן. אַרײַנפּאַקן וויפֿל
.
עס לאָזט זיך. אָ, אַ וואָגן מיט היי. אָ, אַ שפּײַכלער מיט תּבֿואה.

אָנסטאַרטשן — טרוו. סטאַרטש אָן, ..־,

געסטאַרטשט. אַמ .][to sta: < .
אָנקראָכמאַליען. אָ, העמדער.
אָנסטאַרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אָן, זיך
י.„געסטאַרעט. סל. זיך שטאַרק באַמיִען. אָ, זיך צו קריגן אַ פּראָפּוסק. אָ, זיך בײַ דער אַרבעט.

אָנסטויגן — טרוו. סטויג אָן, ..„געסטויגט.

אָנקלײַבן, אָנזאַמלען אין פֿאָרעם פֿון אַ סטויג.
אָ, היי.
אָנסטופּען — טרוו ־פּע אָן, ~געסטופּעט.

צעקלאַפּן אין אַ סטופּע. אָנסטאַמפּן. אָ,
מצהמעל, מצה־פֿאַרפֿעלעך. אָ, גאָגעלעך. אויך: אָ,
די ביינער.
אָנסטעכעווען — טרוו. ־כעווע אָן, ~
געסטעכעוועט. אָנקלײַבן דורך בײַטן, אויסבײַטן.

אָנסטעמפּלען

אָ, אַ פּאַק אַלטע קליידער און זיי שלעפּן אויפֿן
שוואַרצן מאַרק.
אָנסטעמפּלען
לעווען.
אָנ— אוטוו & טרוו ־פּל אָן,
.
~געסטעמפּלט. פּפֿ: ~סטעמפּ
שטעמפֿלען [אויך אין אַ צאָל רר וואָס היטן אָפּ
דעם חילוק ש:ס]. אָ, אויפֿן קאָנווערט. אָ, די
קאָנווערטן.
אָנסטעמפּעווען — טרוו ־פּעווע אָן, ,

גע

סטעמפּעוועט. 1. דורכנעמען שטאָף מיט פּאַרע (דאַמף) פֿאַרן באַאַרבעטן. 2. (שנײַדעריש) אָננעצן מיט אַ שוואָם פֿאַרן פּרעסן. אָ, דעם מאַנטל

אָנסטענקען — דזוו אָנקרעכצן. פּד.

אָנסטערטעווען — טרוו ־טעווע אָן, י,,

גע

סטערטעוועט. אָנלייגן אין אַ סטערטע, סטויג. אָ, היי. אָ, האָלץ אויפֿן ווינטער.

אָנסטראַדאַיען זיך — אוטוו ־דאַיע זיך אָן,

.

זיך ~געסטראַדאַיעט. רוסיצ. נר. זיך אָנלײַדן. "וואָס איך האָב איבערגעטראָגן... וואָס איך האָב זיך אָנגעסטראַדאַיעט,,, שע, בלאָנדזענדע שטערן II.

אָנסטראָי — דער, ־ען. [אויסלייג: ~סטרוי, נר]. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנסטראָיען (זיך). אָנשטעל. מאַכן דעם אָ'.

אָנסטראָיען — טרוו. סטראָיע אָן, ~ געסטראָיעט. [אויסלייג: ~סטרויען, נר]. 1. פּטם משפּיע זײַן, באַאײַנפֿלוסן עמעצן עפּעס צו טאָן. צורעדן. אָ, חבֿרה מע זאָל זיך פֿאַרמעסטן מיט

די כּוחות. אָ, דעם יונג ער זאָל ניט מורא האָבן צו גיין בײַנאַכט אין וואַלד. ,,.... האָט... אָנגעסטראָיעט זײַנע חבֿרה־לײַט זיי זאָלן... אַריבערגיין... מיט אַ דעפּוטאַציע...,,, ייִפּאָל, 21 1882, No. ,,איך וועל זיי אַלעמען אָ, אַז זיי זאָלן זאָגן ווי איך וויל האָבן", ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ"ג.

2 פּטמ. אַרויסרופֿן אַ ברוגז, אַן אומצו.

פֿרידנקייט. אָ, מיט רכילותלעך אַ ברודער קעגן אַ בּרודער.

3. (אָפּלאַכעריש) אַרײַנבּרענגען אין אַ שטימונג. אָ, חתן־כּלה צו דער חופּה.

4. אָנשטימען אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. שטעלן, פּרוּוון די כּלי. אָ, די כּלים פֿאַרן שפּילן. א, א פֿידל. אָ אַ פּיאַנאָ. ,,בײַם עק פֿון אַ

,

לאַנגן דעמבּענעם טיש זיצט אַ חבֿרה קלעזמער און סטראָיען אָן זייערע כּלים", ממוס, מסעות. "סטראָיע אָן דעם צימבּל,... לכּבֿוד דעם ביסל משקה אַ זמרל אויפֿגעשפּילט", ייִל, משלחת,

זשיטאָמיר תּרל„ו. „האָבן אָנגעסטראָיעט קריגעריש זייערע לירעס“, צײַט, טמז, 31 1967 III. פֿיג. “אָ, דעם האַלדז אויף נאָטן און זינגען ווי די ײיִגעלעך“, חג, טמז, 13 1968 XII. „אַזוי האָט מען מײַן לעבן אָנגעסטראָיעט„, בינם העלער, בײַם ראַנד, ירושלים 1957. „ס'האָט אָנגעסטראָיעט אויערלעך דאָס קעצל אויף דער סאָפֿע“, סוצ, צײַטיקע פֿנימער, 1970. אָ, די וואָנצעס = זיי פֿאַרדרייען. זיך מאַכן וויכטיק.
5. (אויך: שפּאָטיש) אויספּוצן, אויסקסטראָנצלען. אָ, די כּלה מיט דער מומעס אַלטן חופּהקלייד.

16()3

6. רוסיצ, נר. אָנבויען. אָ, נײַע גאַסן. אָ, אַ פֿולן מאַרק מיט קלייטן.
אָנסטראָיען זיך — ← דפֿוו. 1. זיך אַרײַנבערענגען אין שטימונג, זיך צוגרייטן. זיך אָננעמען מיט מוט. “אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך וועלן דערוויל אָ, צו עפּעס וויכטיקערס„, מ. טײַטש, אַרוס דער פֿאַבריק, מינסק 1929. 2. זיך אָנברוגזן. זיך אָנבלאָזן. זיך אָ, קעגן דער שוועגערין. 3. זיך אָנסטראָנצלען. “... האָט זיך

נאָכאַמאָל אָנגעסטראָיעט, זיך מיט פֿרישן פּודער
בּאַשיט“, מ. מ. אויזערקיס, דער
פּריוואַטלעהרער I, דראָהאָבּיטש 1898.
אָנסטראָ(נ)צלען — טרוו ־צל אָן, ~
גע.
סטראָ(נ)צלט. פּפֿ: ~סטראָצן, ~
סטראָצלען. מיט איר בּײַטעם. אויספּוצן, אָנפּוצן.
אָנסטראָיען. געוויינלעך מיט ז י ך — זיך אָ,
וו אַ פּאַווע ־עניש.
אָנסטראַשען — טרוו ־שע אָן, ~
געסטראַ.
שעט. אָנשרעקן. וואָרענען מיט קאָנסעקווענצן.
אָ, די ווילדע יונגען. אָ, דעם אָפּאָזיציאָנער. אַ,
די אַרומיקע קליינע לענדער. אָ, די גענדז =
איר, אָ, מיט פּוסטע סטראַשונקעס. „די
אַדוואָקאַטן קען מען אָ, פֿאַרווערן די פּראַקטיק“,
...,
א בּונדאָוועץ, פּאָליטישע פּראָצעסן, זשענעוו
1904. „אָנגעסטראַשעט און האָט זיך געמאַכט
אַ מאַיאָריטעט„, דר, א. מעריסאָן פֿאַש, 1890
4 II [איבּערגעדרוקט, 1966 I 15].

־עכץ. ־עניש.

אָנסטרונען — טרוו ־נע אָן, ~געסטרונעט.

.

אויך: ~סטרונעווען. אַרויפֿצִיִען און אָנשטימען די געהעריקע סטרונעס. „דער קינסטלער דאַרף אָ, די שעפֿערישע פֿאַנטאַזיע“, אפֿא, טמז, 13 5 19 I.

אָנסטריגעווען — טרוו ־געווע אָן, .,

גע.

סטריגעוועט. 1. פּראָוויזאָריש אָנניִען מיט גרויסע שטעך פֿאַרן (אָפּ)שטעפּן. אָנטראַקלען. 2. אָנשרייַבן אויף גיך, פּראָוויזאָריש. “געלויבט איז דער רבונו־של־עולם... עס גייט אַ גאַנג, אָנגעסטריגעוועט האָב איך“, יעקבֿ מאיר ליפֿשיץ אַ וואָלוועלער ביסין, ווילנע 1892. 3. פּיג. אָנהייבן עפּעס דורכפֿירן. אָ אַ פּלאַן. אָ, מיזאַנ,

סצענעס.

אָנס אַסען — טרוו. ־סע אָן, ~געסיאַסעט. פּפֿ:

י

~שאַשען. (אומאיידל) אָנשיכורן. אָ, דעם ערל. געווײנטלעך מיט ז י ך — זיך אָ, און זיך וואַלגערן אין בלאָטע.

אָנסיבּהדיק — אַדי. אויך: ~סיבּותדיק.
וואָס איז אָן אַ סיבּה (אָן סיבּות), אָן אַ גרונד, ניט־באַרעכטיקט. אַן אָנסיבּהדיקער כּעס. „ער איז געווען פֿול מיט אָנסיבּותדיקן אומעט„„ בּ. מארשאַק איבּז, איליאַ ערענבּורג, דער טאָג דער צווייטער, קיִעוו 1936. ־יקייט.
אַנסיכה אַהללה — [אַנס'יכאָ אַהאַ'לעלאָ]
ער־ -

שטע ווערטער און נאָמען פֿון צוויי באַזונדערע פּיוטים, וואָס מע זאָגט ראָש־השנה צו מוסף.
. אַהללה, 57. 'איך וועל מאַכן הערשן (מײַן קיניג), איך וועל לויבּן (מײַן גאָט)', אויב ראָשהשנה פֿאַלט אויס אין אַ וואָכעדיקן טאָג זאָגט מען 'אַנסיכה', אויב שבּת — 'אַהללה'. בּײַטן

אָנסמאַל(י)ען

(מאַכן אַ חילוף) אַ, אויף אַ, — מאַכן אַן אומניצלעכן אויסבּײַט.
אָנסילוקן — [... סי'לעקה טרוו. סילוק אָן, ~געסילוקט. 1. אָנצאָלן. אָ, אַ גאַנצע מאַטניאַ'. אָ, מער וויפֿל מען איז שולדיק. 2. אָנמוסרן. אָ, די טאָכטער פֿאַר איר אויפֿפֿירן זיך.

אָנסילען

לען. אַרוי צִיִען אויף אַ
— טרוו ־לע אָן, ~געסילעט. פּפֿ:

.

~סיליען, ~צי
שנירל, אויף אַ פֿאָדעם. אָ, פּאַטשערקעס אויף
אַ פֿאָדעם. אָ, קרעלן, פֿערל אויף אַ שנירל.
"אָנגעסיליעט פֿרום, ווי פּערל, אויף די
גלותזילבער־שנירלעך", א א, ווײַסע שטאָט. אויך
פֿיג: אָ, ווערטער פֿראַזעס אע ־עניש.

. ,

אַנסי'נטשעוען — טרוו ־טשעווע,
אַנסינ
טשעוועט. r ו][enein: . <. (אין לשון
פֿון אַרגענטינער קאָלאָניסטן) פֿאַרשפּיליען אָדער
פֿאַרבינדן די רימענס פֿון אַ זאָטל אויף אַ פֿערד.
אָנסינקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ,
געסינקעוועט. אַרײַנטאָן סינקע, בלויעכץ (מער
וויפֿל ס'איז נייטיק). אָ, וועש.
אָנסירכא(נע)ן — [... סירכען] אוטוו. סירכא
אָן, ~געסירכאט. פּפֿ: י־,סירכה(נע)ן.
געפֿינען אַ סך סירכות, פֿגמען פּ[עלערן. „דער

,

לערער האָט אַזוי פֿיל אָנגעשריבן מיט אַ
רויטער פּען און אָנגעסירכאט,,, רייד (סטודענט פֿון
קאָוונער לערערקורסן).
אָנסירקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ~
געסירקעוועט. אָנרייַבן מיט שוועבל. אָ, אַ העלצל.
ל2
אָנסכנהדיק — [... סאַקאָנעדיק] אַדי. אויך:
~סכּנותדיק. וואָס איז אָן סכּנה, אָן
געפֿאַר. אָ'ער עקספּערימענט ־יקייט.
-
.
אָנסד־הכּלען — [... סאַכ(ה)אַקלען] אוטוו &
טרוו. סך־הכּל אָן, ~גע▯ סך־הכּלט. אָנרעכענען
בּסך־הכּל. אונטערצ▯ען אַ חשבּון מיט אַ סך
באַזונדערע פֿונקטן. אָ, (פֿאַר) פֿראַכט, (פֿאַר)
לאַגערגעלט, אַפֿילו (פֿאַר) די פֿאַרפֿוילטע פֿרוכטן.
אָ, (פֿאַר) ריפּוי, שבֿת און בּושת = (סוחריש)
אויך: צושטעלן אַ חשבּון פֿאַר אַלע זײַטיקע
הוצאָות.
אָנסלינ(י)ען — אוטוו & טרוו ־נ(י)ע אָן, ~
גע.
סלינ(י)עט. באַשמוציקן מיט שפּײַעכץ. אָ, די
בּאָרד (אויף דער בּאָרד).
אָנסמאָטשקען — טרוו. ־קע אָן, ~
געסמאָטשקעט. פּפֿ: ~סמאָצקען. 1. סמאָטשקען

אַ לענגערע צײַט, אַ צאָל. אָ אַלע בײנער.

,

2. הילכיק אָנקושן, געוויינלעך פּעיאָ. אָ, די בּעקלעך.

אָנסמאָל(?)ע(ווע)ן — טרוו. ־ל(י)ע(ווע) אָן, ~געסמאָל(י)ע(ווע)ט. אָנשמירן מיט סמאָלע. אָ, די סלופּעס זיי זאָלן ניט פֿוילן. אָ, שיפֿלעך. אָ, די דראַטדוע.

אָנסמאַל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָן, ~ געסמאַ?

ל(י)עט. 1. אָנבּרענען פֿון אויבּן. פֿאַרקוילן, פֿאַררייכערן. ,,נאַסע האָלץ קאָן מען ניט אָנצינדן, נאָר אָ''. ''אַז די שטאַרקע ביימער ווערן אָנגעסמאַלעט וואָס זאָל שוין דאָס שטרוי טון?,,, קמ 2 . ? 4 1968, No. אָנפֿילן מיט רויך.

אָנסמאָקטשען

מיטן געשטאַנק פֿון סמאַליען. אָ אַ פֿולע שטובּ.

,

3. צובּרענען. אָ, אַן אָפּגעפּליקט עוף. 4. בּאַדעקן מיט סאַזשע. אָ, דאָס גלעזל פֿון לעמפּל, ווען מע האָט דאָס קנייטל צו פֿיל

אַרויפֿגעדרייט. 5. אָנפּאַטשן, אָנשלאָגן. אָ, דעם חוצפּהניק.
אָנסמאָקטשען, ~סמאָקצען, ~
סמאָקען, ~סמאַקען — דזוו אָנסמאָטשקען.
אָנסמאָר(אָ)דזשען — טרוו ־דזשע אָן, ~
געּ.
סמאָר(אָ)דזשעט. פּפֿ: ,סמראָדז(ש)ען. פּר.
שטאַרק אָנשטינקען פֿאַרפֿעסטן די לוט מיט
.
אַ שווערן געשטאַנק. אָ, די שטובן.
אָנסמאַרגלען גל אָן, ~געסמאַרגלט.
— טרוו.
פּר. שפּאָטיש וועגן אָנשמירן פֿרגל
אָנסמער.
גלען, אויססמערגלען (← 297).
אָנסמאַרעווען — טרוו ־רעווע אָן, ~

גע
-

.
סמאַרעוועט. גאַליציע. אָנשמירן מיט פֿעטס
אָדער שמוץ. אָ, די קאַפּאָטע.
אָנסמאַר(ק)ען, ..,,סמאָר(ק)ען — אוטוו

� טרוו. ־(ק)ע אָן, ~געסמאַר(ק)עט. מאַכן בּרודיק, ספּעצ מיט אויסשיידונג פֿון נאָז. אָ, די קאַפּאָטע, די מלבּושימלעך. אָ, (אויף) דעם טישטעך. אויך מיט ז י ך. ־עכ�ן. ־עניש.

אָנסמיל(י)עווען — טרוו. ־ל(י)עווע אָן, �..,
געסמיל(י)עוועט. אָנוואַקסן, אָנשמירן, באַדעקן מיט וואַקס. הווב.

אָנסמערגלען — ← אויססמערגלען, 297.

אָנסמערגען — טרוו. ־גע אָן, �י.,,געסמערגעט.
מג מיטן־גאַליציע. אָנשמירן. אָנסמאַרעווען. אָנסמאַרקען. אָנבּרודיקן. אָ, מיט פֿעטס און פֿרעגלען. אָ, אַ מלבּוש. אָ, דעם פּ י ס ק = ריידן מיאוסע רייד, שעלטן. ־עניש.

אָנסמערד(י)ען — אוטוו & טרוו. סמערד(י)ע אָן, ~געסמערד(י)עט. פּפֿ: ~סמער(ד)ז(י)־ען, ~סמראַדען. שטאַרק אָנשטינקען.
,,... אָנגערויכערט און אָנגעסמערזיעט,,, י מעצקער, אויפֿן זיידנס פֿעלדער.

אָנסנ אָשקען זיך — אוטוו ־קע זיך אָן, זיך
~געסניאָשקעט. גוטמוטיק אָדער פּעיאָ, זיך אָנשיכּורן.

אָנסע — די, ־ס. e � n(� c:� >. אַן איינס פֿון

וואָג. 3 אָ'ס איז אַ קילאָ [?]. באַנוצט אין
ישׂראל אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט. אַן אָ,
פֿלייש, פּוטער, צוקער אע דזוו אָנצע.
אָנסעטקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~
גע.
סעטקעוועט. 1. דזוו אָנשעטקעווען ←.
2. אַרויפֿטאָן, אָנקלאַפּן, אָנציִען סעטקעס,
נעצן (פֿון דראָט אָדער שטריק). אָ, אויף זומער
די פֿענצטער. אָ, די שטאַנגען און שפּילן
האַנטבאָל. אָ, די טישן צום שפּילן טיש־טעניס (
פּינגפּאָנג).
אָנסע'מערן — טרוו ־ער אָן, ~געסעמערט.
.
אָנלייגן אַ סך סחורה צו פֿאַרקויפֿן אויף אַ
געשטעל (בײַ אַ יאָרמאַרק). אָ, קנײַלכלעך
פּאָדעם מיט צוקערקעס און לעקעכלעך. ־ניש.

אָנסערווירן — טרוו ־וויר אָן, ~(גע)
סערווירט. 1. סערווירן אַ סך, פֿאַרשיידנס. „מע
האָט אונדז אָנסערווירט פֿון כל־טובֿ„. 2. (
טעניס, פּינג־פּאָנג) אָנהייבן דעם פֿאַרמעסט,

סערווירן צומערשטן. ־ונג.
אָנספּלעטנ(י)עווען — טרוו ־נ(י)עווע אָן,

~געספּלעטנ(י)עוועט. סל. רוסיצ. אָנריידן, באַריידן. אויסטראַכטן, אָנמאַכן רכילות. אָ, אויף דער חבֿרטע מיאוסע זאַכן.
אָנספּעקולירן — טרוו ־ליר אָן, ~(גע)ספּע.
קולירט. אָנקלײַבן, אַרײַנקריגן דורך ספּעקולאַציע. אָ אַ גאַנצן פֿאַרמעגן ־ונג.
, .
אָנספּרוזשינען — טרוו. ־נע אָן, י.,,
געספּרוזשינעט. אויך: ~(ס)פּרוזשינעווען. אויך: י'ספּרונזשינען. אָנציִען (ווי) אַ ספּרוזשינע. ,,מע דאַרף די אַרבל פֿאַרקאַטשען, מע דאַרף די הענט אָ,", מאָטיע דעכטיאַר, בויער, מינסק .193

-
אָן ספק — [... סאָפּעק] אַדוו פֿראַזע. אָן אַ ספֿק, אָן צווייפֿל, בלי ספֿק. ,,איינער פֿון די

ל״ו צדיקים איז אונדזער הייליקער רבי גאָר
אָן ספֿ[ק״, אמ״ש איבז, בראַנדשטעטער, דיא
פֿארליבטע רבצין, ווילנע תּרמ״ט.
אָנספֿקדיק — אַדי. וואָס איז אָן ספֿק, וואָס
איז זיכער, איז באַשטימט. אָ'ע אויפֿטוען,
רעזולטאַטן. „די גאַנצע עקספּערימענטאַלע
פּסיכאָלאָגיע וועט זיך איבעראָריענטירן אַזוי, אַז אירע
אָ'ע דערגרייכונגען זאָלן קענען אײַנגעגלידערט
ווערן אין דער פֿאָרשונג פֿון קולטור״, מוו, דער
וועג צו אונדזער יוגנט.
אָנסקאָבען — ← אָנסקראָבען.
אָנסקאַל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָן, ~
געסקאַ.
ל(י)עט. אָנשפּאַלטן, אָנהאַקן. אָ, האָלץ צום
הייצן. אָ, שפּענער, קינעלעך.
אַנסקאָפּען — דזוו אַסקאַפּען ←.
אָנסק יען — טרוו. סקויע אָן, ~געסקויעט.
 רוזo [ ]:   <. (וועגן אַ הונט) אָנרייצן.
אָ, דעם הונט אויפֿן ייִדן אין דער לאַנגער
קאַפּאָטע.
אָנסקיצירן — טרוו ־ציר אָן, ~סקיצירט.
.
אָנצייכענען (באַשרײַבן, כאַראַקטעריזירן) אין
אַלגעמיינע שטריכן. אָנוואַרפֿן קאָנטורן. אָ אַ

׳

געשטאַלט פֿאַר אַ גרויס בילד. אָ, דעם
אינהאַלט פֿון בוך ־ונג.

.

אָנסקראָבען — טרוו ־בע אָן, ~געסקראָבעט.

.

1. אָנקראַצן מיט אַ מעסער, מיט אַ שאַרפֿן
מכשיר. אָנשאָבן. "מײַן באָבע האָט ניט געקאָנט
בײַסן, פֿלעגט זי אָ, אַן עפּל". 2. אויף אַ
פּרימיטיוון אופֿן דורכפֿירן אַן אַבאָרט. 3.
צונויפֿקראַצן אַן איבערבלײַב, אַ רעשט פֿון

,, .

כמעט ליידיקן מולטערל האָט מען
אָנגעסקראָבעט נאָך אַ ברייטל,,. אויך מיט ז י ך.

אָנסראַטשען — מרוו ־טשע אָן, ־.,
געסראַ.

טשעט. אריך: י,,סראַל(י)ען, ~סראַדען,
~סראַקען. וואול. אָנדאָסן. גוזמאדיק און
גראָב: אָנברודיקן.

אָנסרהען — [... סאַרכעה אוטוו & טרוו. סרחע
(סרחן) אָן, ~געסרהעט (~סרחנט).

קען. אָ, די שטוב. אָ, אין שטוב, מע זאָל מוזן
אַנטלויפֿן. אָ, ווי אַ טבויר.
אָנע פֿטמ, אין ליטרש ניט אָנגענומען.
----

1 פֿאַרבײַט פֿאַרניינענדיקע פּרעפּ אָ ן , ספּעצ
.
פֿאַר אַ סובֿ אין מצ. גיין אָ, שיך. אַלט ווערן אָ,
יאָרן. "מע דערפֿילט ערשט די נויט, ווען מע
בּלייַבּט אָ, בּרויט", שוו. 2. געניצט אין
ריידשפּראַך אַנשטאָט אָן דעם. קוקן אויף אַ מיידל
אָ, זי זאָל עס בּאַמערקן. העלפֿן עמעצן אָ, ער
זאָל וויסן דערפֿון. זוו, ווי אַ זעלבּשטענדיקער
ענטפֿער. אָפֿט אין לד „— וועסט קומען צו
מיר מיט דײַן ווײַבּל? — אָ'„. "——־ טראָגט דאָס
קינד אונטערהייזלעך? — אָ„„

-

אָנעבּרידיק — [... איוורעדיק] אַדי. וואָס
קאָן ניט לייענען און שרײַבּן. די צאָל אָ'ע פֿאַלט.
־יקייט.
אַנעדיזנע — די, ־ס. בּעס. דזוו אַדיזנע (←.
38), אָטיז(ד)נע (. 861), אָטיעז(ד)נע(. 862).
לאָזן אַן אַדיזנע — לאָזן אַ'.

אָנעוולהדיק — [... אַוולע...] אַדי. אויך: ~עוולותדיק. וואָס איז אָן אַן עוולה (אָן עוולות). אַן אָ'ער משפּט, אורטייל.

אַנעווריזם — דער, ־ען. < איי < גר. (פּאַטאָלאָגיע) פּערמאַנענטע אויסבּרייטערונג פֿון אַרטעריעס.

אָנעט — קאָנווערבּ, קומט בּמקום אָ ן; אַזוי ווי אויסעט 297־98. ״אוי, די צרות וואָס איך לײַד זיך אָ, לייגן מיך שוין אין דרערד אַרײַן“, פֿל. ,,איך הייבּ אָ, לייענען קריאת־שמע... און ווער בּאַלד אַנטדרימלט“, ,,איר קוקט מיך עפּעס אָ', מײַנע ליבּע ייִדן,,, ממוס פֿישקע. ,,איינער

,

קוקט אָ, דעם צווייטן,,, יוסף יפֿה [מינפּי III]. ,,קוקט איר אָ', ווי זי ווייס ניט פֿון וואָס צו זאָגן“, בּ. גאָרין, שפֿרה..., נ,,י 1910. ,,אַלע קוילענען דעם יצר־הרע — הכּל שוחטין — און ס'הייבּט זיך נישט אָ',,, צײַט, נל III. “מע כאַפּט עפּעס אָ אַ ״אָדעם“, סעג, אַ בּוים פֿון

,

פּוילן, בּ"א 1945.
אַנעטאָ'ל — דער. מצ נבֿ. (כעמיע
פֿאַר,
מאַצעווטיק) ווײַסער קריסטאַליקער פּולווער,
וואָס מע קריגט אַרויס פֿון אַניס (←).
צאָנדאָקטוירים ניצן אַ, ווי אַן אַנטיצעפּטישן מיטל.
העלפֿט באַפֿרײַען דעם מאָגן פֿון דריקנדיקע
גאַזן.
אָנעטעמען — דזוו אָנאָטעמען ←. אָ, שׂנאה.
־ונג.
אָ'נעטשע — דזוו אָנוטשע ←. „די ייִדן
פֿלעגן טראָגן שטיוול און קאַמאַשן, בעת די
גוייִם פֿלעגן טראָגן אָ'ס מיט לאַפּטשעס„, דטש,
דוקאָר.

אָנעיבּובּדיק — [... אי'קעוו...] אַדי. וואָס
איז אָן אַן עיכובֿ, אָן אַ שטער, אַן אָפּהאַלט.
אָ, דורכפֿירן דעם פּלאַן. אָ'ע אונטערנעמונג.
אַנעים זמירות — [אַנים זמירעס] 'איך וועל
זינגען זיסע געזאַנגען'. נאָמען און ערשטע

ווערטער פֿון שיר־הכּבֿוד, לויטן סדר פֿון
אַלףבּית, וואָס חזן און קהל זאָגן בײַם סוף פֿון
שבּתדיקן און יום־טובֿדיקן דאַוונען. געניצט

אָן עין־הרע

מיטן בּ: רימען, לויבּן, זאָגן שבֿחים. „מע האָט
אים געמאַכט אַ בּאַנקעט מיט אַן אַ, ז,„. “לאָז
געמאַך מיטן אַ', זאָל זײַן געגוג בּלויז די ז'“.
אויך איר: „ער האָט אים דערלאַנגט אַן אַ, ז,
אַז ס'איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן„.
אָן עין־הרע — [... ענ(ה)אָרע,... איינ(ה)אָרע]
זוו. אָן אַ בּייז אויג. קיין בּייז אויג זאָל ניט
שאַטן. געניצט צו בּאַוואָרענען, אַז אַ בּייז אויג,
זאָל ניט פֿאַרשאַטן, ווען מע בּאַוואונדערט
יענעמס געזונט, שיינקייט, מזל אע. אויך ווען
מע דערציילט וועגן זיך עפּעס גוטס. „ער איז
אַן ע'־ה, געזונט ווי אַ דעמבּ“. „איו האָבּ אָן
ע'־ה, גוטע קינדער„. „אַז מע האָט דיר אָבּער
איצט אַזוי פֿיל [געלט] אָן ע'־ה, אָנגעבּראַכט,
פֿאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט געבּן על־כּל־פּנים
כּאָטשע פֿינף און זיבּעציק?“, יפּ. „דער עולם
האָט זיך גוט אונטערגעפּאַקט, אָן ע,־ה'“, דער
יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881. „אין דער מלאָכה

פֿון לשון־הרע איז אונדזער יאָכע געווען אַ
בריה אָן ע,־ה'", ר, מרדכילע, משלים.
אָנעיפֿושן — [... אי'פֿעשן] אוטוו & טרוו.
עיפֿוש אָן, ~געעיפֿושט. שטאַרק אָנשטינקען.
אָ, די שטוב מיט (דער) מאַכאָרקע. אָ, ווי אַ
פֿאַרשטונקען איי.
אַנעלי'ד — דער, ־ן. אַ בעל־חי וואָס האָט
אין זײַן קערפּער גלײַכצײַטיק אי מענלעכן אי
ווײַבלעכן 'געשלעכט־אָרגאַן'. „אַ,־גרופּע, אַ
בעלחי ווי אַן ערדוואָרעם...,,, דר, יעקבֿ ב. גלען,
צו געזונט און צו לעבן.
אָנעלעקטריזירן — טרוו ־זיר אָן, ~
עלעק.
טריזירט. 1. אָנלאָדן מיט עלעקטרישער
ענערגיע. 2. שאַפֿן נערוועזע שפּאַנונג
גלײַכצײַטיק מיט אַ געהויבענער שטימונג. אָ, דעם
עולם מיט אַ פֿײַערדיקער רעדע. ־ונג.
אָנעם — פּרעפּ אָן + דעם פֿאַרבײַט: אָן דעם.
.
זיך אָנכאַפּן אָ, אַלטן כלל. קלאַנגען וואָס
דערמאָנען אָ, קראַקען פֿון קראָען. „ער וועט ניט
קומען אָ, זיג". "מסחרים אָ, ווײַב טויגן ניט",
דער לאָדזער סוחר, באַרדיטשעוו 1910. „אַזוי
שטאַרק האָבן זיי אים דערמאָנט... אָ, ערשטן

טאָג פֿון זײַן קומען קיין ראַקיטנע“, בערג, אָפּגאַנג. „וועלוול פֿאַרגעסט זיך אָ, וויינען“, אָפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ. “אַלץ בלישטשעט... אָבער ס'איז אַ טויטער גלאַנץ... אָ, ביסל רו פֿון אַ היימישן שבת“, ר. פּאַלאַטניק, איק, ר“ה תּשכ“ז.

אַנעמאָ□ גראַ'ף — דער, ־ן. < איי < גר. 'ווינטשרײַבער'. אַפּאַראַט וואָס פֿאַרצייבנט אויטאָמאַטיש די ריכטונג און שנעלקייט פֿון

□

ווינט. ־גראַפּיע□ ־מעטער — מכשיר צו מעסטן דעם אַטמאָס□ערישן דרוק פֿון ווינט און די שנעלקייט פֿון זײַן באַוועגונג. ־סקאָפּ — מכשיר וואָס ווײַזט אַז עס איז פֿאַראַן אַ ווינט און זײַן ריכטונג ־פֿיליע — געוויקס

□ □

.

וואָס זײַן פֿר□ פּער־שטויב ווערט געטראָגן פּון ווינט ־פֿי יש — אַדי.

□

אָנעמאַלירן — טרוו. ־ליר אָן, ~עמאַלירט. איבערציִען מיט עמאַל. באַדעקן מיט עמאַל. אָ.

כלים, שילדן. אָ, אַ מעדאַליאָן. ־ונג.

161()

אַנעמאָנע — די, ־ס. אויך: אַנעמאָ'ן. '

ווינטלינג'. 1. (באָט) ווינטבלום, ווינטרויז. אויך:
פּ ס ח־בלום [ווייל קומט אַרויס פּסח־צײַט].
רויזנבלימל פֿון אַלערליי העלע
קאָלירן. גראָזיק געוויקס פֿון די
וועלדער און וואַלדיקע זאָנעס
פֿון מעסיקן קלימאַט. איבער 90
אונטערמינים. ווערט קולטיווירט
אומעטום ווי אַ דעקאָראַטיוו
געוויקס, ספּעצ די רויטע אַ, פֿון
די לענדער פֿון מיטלענדישן ים. Anemone
.((l in(lue olia nemorosa)
,,בײַ דער אַ, דינט פֿאַר אַ שפּײַכלער פֿון
נערמאַטעריאַלן דאָס אונטערערדישע שטענגל אָדער
אויבנוואָרצל, ד,,ה דער טייל וואָס צווישן וואָרצל
און שטענגל וואָס שטעקט אַרויס פֿון דער
ערד", ד. האָכבערג איבז, אָ. שמײַל, געוויקסן,
מאָסקווע 1920. ,,וועל איך מאַרגעריטקעס
קלײַבן פֿליקן רויטע אַנעמאָנען", יהואָש, ,צווישן

,

בײמער . ,,אונטן זילבערט אַ פֿײַכטער טוי אויף
אַ טעפֿעך פֿון אַ'ס“, בּ. רעסלער, טמז, 1961
23 IX. ,,ער זעט די רויטע אַ'ס וועלכע האָבן
זייערע קעפֿלעך אין וואַסער אָנגעבויגן,,, ז.
בּרכות, דער ירדן רוישט, ז, 13 פֿינקלט
קאַ. ,,
יאָריק דאָס פֿעלד מיט רובין־אַ'ס,,, משה
יונגמאן, אין שאָטן פֿון מולד, פּאַריז.
2. (זאָאָלאָגיע) געוויינלעך — ים־אַנעמאָנע,
ים אַנעמאָן. ים־בּאַשעפֿעניש מיט אַ קײַלעכדיק
-

קערפּערל און אַ גרויס
מויל, אַרומגערינגלט מיט
פֿאַנג־הערעלעך אָדער
טאַפּערלעך. ,,וואָס איז דאָס
אַ חיה אָדער אַ געוויקס?
... האָט ער גענומען אַ
קרעוועטקע (קליינער
ימראַק) און זי
אַרײַנגעוואָרפֿן אין בעכער פֿון
דער אַנעמאָן. דער בעכער האָט זיך געעפֿנט
און אַרײַנגעשלונגען די קרעוועטקע,,, ה.

כאַצקעלעס איבּז, ראָמען קאַלבּריס, ווילנע 1940.
,,די אַ'ס זײַנען פֿון די טשיקאַווסטע זאַכן אין
דעם אַקוואַריום‘‘, א. פּאָמעראַנץ, פֿאָר, 1957
I י l3. ו a) (lel ן O( ).
אַנעמיזירן — טרוו ־יזיר, אַנעמיזירט. נעאָל.
.
מאַכן אַנעמיש. ‘‘גרויסע י דישע ווערטן וואָס
ווערן אַנעמיזירט מיט שׂמחה,,, יג, איק, 1966
ו 6. ־ונג.
אַנעמ יע — די. בּא. < איי < גר. ( )
פּאַטאָלאַגיע) 'פֿאַראָרעמטקייט פֿון בּלוט'. קראַנקייט פֿון
כּלוט, ווען ס'פֿעלט אויס די נייטיקע צאָל
רויטע בּלוטקײַקעלעך און אײַזן. ,,די אַזוי אָפֿטע
'קינדער־אַ', איז ניט זעלטן אָפּהענגיק פֿון
כראָנישע נירן־אָנצינדונגען‘‘, טאָז, 28 1928 XII.
—יקער — ,,דער מאָגנזאַפֿט האָט בּײַ אַן אַ,
פֿאַרלוירן פֿון זײַן זײַערקייט,, פֿגעז, ווילנע,
—
,
.No ,1938 4
־יש — אַדי ,,איר זײַט אַ', האָט ער איר
געזאָגט..., איר דאַרפֿט אויף זיך מער
אַכטונג געכּן‘‘, ייִז, אַשכּנזי. אויך פֿיג. ניט־
ענערגיש, ניט־שעפֿעריש. אַן אַ'ער י דישער קיבּוץ.

אַנען

,,אַ שטילע, זאַטע און פֿרידלעכע וועלט, אַ וועלט אַן אַ'ע, מיט אַן אײַנגעשלאָפֿענער בלוט־צירקולאַציע,,, גרינ,... טאָגבוך.

אָנעמפלאָימענט — דער. באַ. אַמ.:

ent lo I] une. אָרבעטלאָזיקייט. אָ־ג ע ל ט — טייל פֿון לוין וואָס דער אַרבעטלאָזער באַקומט אויסגעצאָלט פֿון דער פֿאַרזיכערונג־קאַסע בײַ דער רעגירונג. ,,און ס'איז ניט חלילה קיין... קהלשע שטיצע, אַפֿילו ניט אָ־געלט וואָס אַ סך מענטשן פֿילן זיך ניט געהויבן, ווען זיי דאַרפֿן עס נעמען,,, טמז, 1961 23.

אַנען — אוטוו & טרוו. אַן, געאַנט.: >

ahne. דטשמ, אָסט געניצט, ספֿעצ אין פּאָעזיע [אַזוי ווערט עס אויפֿגענומען אין היינטצייטיקער שפּראַך, הגם דאָס וואָרט אַ', ב1, טרעפֿט זיך אין דער אַלטער ליטעראַטור. Mhd: a]. 1]jen. פֿאָרויספֿילן, פֿאָרויסשפּירן (אויף אַן אומקלאָרן אופֿן, אַזוי ווי מיט אַ באַזונדערן חוש). אַ, דעם סוף. אַ, (אַז באַלד קומט) די גליקלעכע שעה. ,,כּבֿא ליגט זיך

[שלאָפֿן]..., אבֿר פֿעלוקן דען בּיגונד איין
אונליג [= אומגליק] צו אנן“, בּבֿא־בּוך, 427.
,,זיך בּיגאַן אין זײַן לייד זער □ו איינען
[= אַנען],,, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, לט/ב.
,,ער אַנט טונקל די קללה וואָס וועט אין משך
פֿון יאָרן צעבּרעקלען דאָס ייִדישע טעאַטער,,,
מאַנ, נאָענטע געשטאַלטן. ,,הערסט? וואָס
הערסטו? אַנסט? וואָס אַנסטו?“, א. ניסענזאָן, דאָס
לעבּן זינגט אַפֿילו אין טויט. ,,ער האָט געאַנט,
אַז מאָרגן־איבּערמאָרגן וועט זיך דאָ די גאַנצע
שטאָט אַ דריי טאָן“, עוזר וואַרשאַוווסקי,
כאַליאַסטרע □ פּאָריז 1924.
2. האָבּן אַן אומקלאָרע פֿאָרשטעלונג, אַ
דאַכטעניש (וואָס קען זײַן בּהסכּם מיט דער
וואָר). אַ אַז דער פֿאַרמשפּטער איז
אומשול,

דיק. ,,דאָס ציטערניש אין האַרץ — אַזאַ מין
טעמנע אַ, — אַ פֿלאַטערל וואָס שוועבּט צווישן
'דאָ, און 'ניט־פֿאַראַנען'“, הר, אין שענסטן
טאָג פֿון האַרבּסט. ,,אַן איך דעם אין־סוף און
שטיק מײַן געפֿיל פֿון אויסקייט“, נס, 'דורשט
צום קוואַל'. ,,איינער אויף קייטן, דער צווייטער
אין שפּאַנען: וועט איינער פֿון צווייטן אַפֿילו

ניט אַ'"׳, הל, 'די קייטן פֿון משיח,. „זיי האָט
גאָרניט געאַנט דאָס נחס גײַסט האָט די גאַנצע
נאַכט אין איר שלאָפֿצימער אומגעשוועבט"׳,
חיים יע)ראָל זאַכס, אַ געפֿערליכער טריט,
ווילנע 1896. "די מוטער... האָט אָבער געאַנט
מיט וואָס דער זון טראָגט זיך אַרום,,, בּ.
טייטלבוים, אויפֿן שוועל, וואַרשע 1933. „יעדער זאַץ,
יעדעס וואָרט איז פֿול געוועז מיט רמזים, וואָס
קיינער פֿון די שפּינאָזאַ־קענער האָט ביז איצט
נישט געאַנט"׳, באַש, גימפּל תם.
[הל אאַ האָבן געפּרוּווט צו פֿאַרייִדישן אַנען
אויף אָ נ ע ן: „דעם נס פֿון פֿולן קרײַז האָב
איך שוין לאַנג געאָנט"׳, הל, לידער צוס
אייביקן; „אויב ער זעט ניט קלאָר, איז אָנט ער
אים, דעם צייכן"׳, א ניסענזאָן, אין צדיקס
טריט. „דאָס באַהאַלטנסטע אין דיר אַנטפּלעק
צו דעם וואָס דײַן אַנטפּלעקטקייט אָנט,,, א א,
. שקיעה. . אַנונג.

אָנע'נד
אָנע'נד — דער, ־ן. נעאַל. דאָס וואָס האָט
ניט קיין ענד, קיין סוף ניט. אין־סוף. צו דער
זון און דער לבֿנה, וואו סכּנה שרויפֿט די וועגן

צו דעם אָ',,, אַלף כּץ, אַמאָל איז געוו ו אַ
מע ה.

אָ'נע'נדלעך — אַדי. וואָס איז אָן אַ סוף, אָן אַן ענד. אומבּאַגרענעצט. אומענדלעך. אַן אָ, וואַרטן. די אָ'ע בּרייט פֿון רחבֿותדיקן קאַנט. אָ'ער ים. ,,אין געדריי, אין געוויי פֿון צוגן און בּאַנען — אָ'ער פלאָנטער אין וויכער פֿון מענטשן,,, אַקש, קינדער פֿון איין פֿאָלק. ''מע וואַרפֿט שוין אויף דעם אָרון זאַמד און שטיינער. מע הייבּט אָן גיין, שוין אומעטיק אָ',,, לע. ־קייט — ,,גייט מיט אַ בּריוו פֿון

אָדםהראשונען א ן דער נאָך ניט־נתגלה־געוואָרענער אָ''', פּמ, כּאַליאַסטרע, פּאַריז 1924.

אָנענ(ט)פֿערן — טרוו. ענ(ט)פֿער אָן, ~ געענ(ט)פֿערט. געבּן אַ סך ענטפֿערס. ,,אים ענטפֿערן? — כ'וועל אים אָ'!'' — איר.

אַנעסטעזיע — דזוו אַנאַסטעזיע ←. ,,איינע פֿון די וויכטיקסטע אַנטדעקונגען אין דער

כירורגיע איז די אָרטיקע אַ , ד,,ה דאָס מאַכן ניט־שפּירעוודיק בּלויז דעם אָרט וואָס מע דאַרף אָפּערירן,, פֿגעז, ווילנע 1928, No 19.

,

אָנעסן — טרוו. עס אָן, ~געגעסן. 1. געבּן

עסן צו זאַט, אַ צאָל (אַ לענגערע צײַט). אָ, אַ
שטוב מיט קינדער. "ווען ער האָט געוואָלט עסן,
פֿלעגט מען אים אָ',, פֿמ. ,,צוליב וואָס איינער

,
דאַרף אויף מצה — קאָן ער אָ אַ גאַנצע

,

שטאָט מיט חמץ", ר, בער מעזעריטשער. ,,ווער
וועט אונדז אָ, בֿע.ט פֿלייש?,,, איבֿז, במדבר,
יא, 4. 2. אַ לענגערע צײַט עסן און בלײַבֿ
שולדיק [פֿרגל אָננעמען, ב2]. ,,ער זאָל אים
באַצאָלן וואָס ער האָט אָנגעגעסן און
אָנגעטרונקען,,, נעתק מאת צדוק צדיקאָוויץ, נעימות
יעקבֿ, ווילנע 1869.
אָנעסן זיך — ← דפֿוו. 1. עסן אַ סך און
ווערן (איבער) זאַט. אָ, זיך מ י ט בולבע(ס),
מיט קרעפּלעך אאַזוו. אָ, זיך ביזן צעשפּאַרט,
צעזעצט ווערן. אָ, זיך ביז דער בויך זאָל פּלאַצן,
די קישקעס זאָלן צעשפּאַרט ווערן. אָ, זיך מיט
אַלע פּאַסקודסטוועס, כאָלער(י)עס. ,,ער האָט
זיך אַזוי אָנגעגעסן אַז עס קריכט אים שוין
פֿון האַלדז". ,,וואו עס עסן זיך אָן דרײַ, עסט
זיך אָן אַ פֿערטער,,; ,,אַז דו גייסט אויף אַ
חתונה, עס זיך פֿריִער אָן,,; ,,עס דיך אָן, איידער

די קליינע קומען אָן. טו דיך אָן, איידער די גרויסע קומען אָן"; „אין אַ הונגעריאָר דאַרף מען זיך ניט אָ„ נאָר בלויז שטילן דעם הונגער", שוו ['אָסור לאכול לשׂוֹבֵע בּשנת רזון'].
„מע זאָל זיך ניט צו זער אַן דיא (סדר)־נעכט אַן עשׂן, דר מיט דאשׂ מן זאָל גילושׂטן (אַפּיקומן) צו עשׂן, דאשׂ מן זאַל איין (שׂכר) דער פֿון האבּן", עפּש, סידור תּפֿילות, אַמשט תּק"ח, קמג/ג. "איז זייער ניט גוט זיך צו לייגן, ווען מע האָט זיך צו פֿיל אָנגעגעסן", חא, לבֿ/ב.
„מע האָט זיי אײַנגעהאַלטן... זיי זאָלן זיך ניט מיטאַמאָל זאַט אָ',„ ח▯.קל הורוויץ, צפֿנת פּענח, בּאַרדיטשעוו 1817. "אין די גוטע יאָרן

1▯11

אַפֿילו האָבּן דלפֿוניוּוקער ייִדן זיך אויך נישט קיינמאָל זאָט אָנגעגעסן„, ממוס, „... וואָלין'.
פּפּ: אָ, זיך ווי אַ בּהמה, אַ וואָלף; אָ, זיך ווי אַ גוי, אַ יוון, אַ בּעל־עגלה, אַ פֿורמאַן; אָ, זיך ווי אַ חזיר. אָ, זיך ווי נאָך אַ תּענית, נאָך אַ קרענק, ווי פּורים צו דער סעודה; אָ, זיך ווי אַ פּויק, ווי אַ קעסלפּויק; אָ, זיך ווי מיט בּאָב, ווי מיט גרינע אוגערקעלעך.

אָ, זיך מיט ק אַ ש ע , מיט בּ אָ בּ = האָבּן
כּוח אײַנצוטענהן, צו אַרגומענטירן. „מיט
דיר — דאַרף מען פֿריִער זיך אָ, מיט באָבּ„.
אָ, זיך מיט ש ט ו י בּ , מיט ר ו י ו אע —
אַרײַנאָטעמען אַ סך דערפֿון. *אָ, זיך בּיז
דרײַצן = בּיז עס הייבּט אָן צו דרייען אין בּויך.
2. פֿיג. האָבּן איבּערגענוג (עפּעס וואָס איז
ניט גוט). זײַן איבּערפֿול מיט עפּעס. אָ, זיך
מיט צ ר ו ת , מיט האַרצווייטיק, מיט
בּיטערניש, מיט קלעמעניש אע. *אָ, זיך מיט ג אַ ל ,
מיט וו ע ר ע ם אע = האָבּן אַ סך האַרצווייטיק.
„אָ, זיך איין מאָל אַ טאָג מיט צרות“, ממוס,
שלמה. „אָ'דיק זיך מיט מאָרדן...„, הל, די
חתונה אין פֿערנוואַלד. „מע בּאַדאַרף האָרעווען,
אָ, זיך מיט אַזוי פֿיל מענטשן [= זיי ווערן
איבּערדריסיק, דערווידער] און לייזן געלט“, שע,
יוסילע סאָלאָוויי. קללה: „מיט שטאַרקע קרענק
זאָלסטו זיך אָ'!„. אָ, זיך מיט שונד־ראָמאַנען.
3. אַנשטאָט אײַנעסן זיך. אָנזעצן זיך,
צושטיין. נר. „ער האָט זיך אָנגעגעסן אָן מיר,
און מיך ניט אָפּגעלאָזט“. ־עניש.
אָנעסקן — [... איי'סעקן] אוטוו. עסק אָן,
~געעסקט. טאָן אַ סך און פֿאַרשיידנס.
אָנאַרבּעטן. אָנפּלוטעווען. אויך: אָנטומלען מיט

פּראָיעקטן, אונטערנעמונגען. אָ, אָן אַ טעם און
אָן אַ ריח. „ווײ, ווײ􏰀ל ער האָט שוין דאָ הײַנט
אָנגעעסקט!‟... מיט ז י ך — אָ, זיך מיט
זײגערלעך, מיטן פֿאַרריכטן עפּעס. אָ, זיך מיטן
מושב־זקנים.

-

אָנעסענען — טרוו. עפֿן אָן, 􏰀 ,געעפֿנט.
1. עפֿענען אַ סך. אָ, קאַסטנס, פֿלעשער. אָ,
אָפּטײלונגען פֿון מלוכה־באַנק. „אָנגעעפֿנט
קינדערהײמען און וואָס צו געבן עסן איז ניטאָ...‟
גאָדינער איבּז, גלאַדקאָוו, צעמענט, מאָסקווע
1927. 2. אויפֿעפֿענען. אָ, דעם קראַן און
לאָזן רינען וואַסער. *אָ􏰀 אַ מויל אויף
עמעצן = אָנזידלען. *אָ, אַ פּאָר אויגן (אַ מויל) =
אָנקוקן מיט פֿאַרוואונדערונג.
אָנעצה(נע)ן — אוטוו & טרוו. עצה אָן, ~
געעצהט. געבן אַ צאָל, אַ סך עצות. שטאַרק
צוריידן. אָ, צו עפֿענען אַ קרעמל. אָ
אַוועק,
צופֿאָרן. אָ אַ קוראַציע. „אָט האָבן זײ אונדז

,

אָנגעעצהט, האָבן אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן דאָזיקן
גליטש — און וואָס טוט מען הײַנט?,,, אי.
קיפּניס איבּז, א. האָלאָװקא, פּראָלאָג, קיִעוו
.1935

אָנעצע — דזוו אָנעטשע, אָניצע ←.

אַן ע'ק — [אַרויסגערעדט עמפֿאַטיש] אַ סוף,
אַן ענד, אַ סוף אַן עק (זאָל עס נעמען). מאַכן
אַן עק. זאָל זײַן אַן עק. ,,כ'וועל נישט קוקן

אָנעקלען

ויף מײַן מאַמען, כ'וועל מאַכן אַן עק. כ'וועל
נעמען מײַן חתן און וועל מיט אים אַוועק,,, פֿל.

אָנעק — דער. מצ נבֿ. שפּאַסיק, אויך פּעיאָ.
מין פֿאַרגרעסער־פֿאָרעם פֿון אייניקל. ,,אַ זון?
נאָך אַן אָ... מ'האָפֿט אויף משיחן,,, פּרץ,
,דער בעל־עגלה,.

-

אָנעקבּותדי — [... איקוועס...] אַדי. נעאָל.
וואָס איז אָן אַ שפּור, אָן אַ סליאַד. ,,ס'פֿאַרגייט
דײַן לעבן אָ, ווי דער רויך,,, בּרידער גאָרדין,

יונגמענטש, ווילנע 1913.
אַנעקדאָ'ט — דער, ־ן. < איי < גר. ,ניט
אַרויסגעגעבן', 'ניט דערציילט'. 1.
געשעעניש, פּאַסירונג אין לעבן פֿון אַ גרויסן מענטשן
וואָס ווערט פֿאַרשוויגן בײַם באַשרײַבן זײַנע
אויפֿטוען.
2. שפּאַסיק אָדער פּיקאַנט מעשׂהלע (
געוויינלעך אין שײַכות מיט אַ באַוואוסטער פּערזאָן)
וואו עס ווערן אַרויסגעהויבן די קאָמישע זײַטן
פֿון אַ כאַראַקטער אָדער טשיקאַווע
פּאַסירונגען. עס קלינגט ווי אַן אַ'. פֿאַראַן אַ'ן וואָס
זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר לענדער, פֿעלקער,
גרופּעס, ריכטונגען, געזעלשאַפֿטן: ארץ־
ישׂראלדיקע אַ'ן. צײַט אַ'ן. הויף אַ'ן. אַ'ן פֿון רבייאישע

▯ -

הויפֿן. ייִדישע, אַרמענישע, אירלענדישע אאַ
אַ'ן. רוזוועלט אַ'ן. בן־גוריון אַ'ן. דערציילן אַ'ן.
- -

איבערגעבן אַן אָ'. „איין נײַער קינסטלעכער
בש מיט זייער שיינע אַ'ן... אויך פֿאַבלען“,
ליאָנדאָר, בש, ווילנע 1844, שער־בלאַט. „די
ראַיעלע מעשׂה... כאַפּט דעם אָנבליק פֿון אַן
אַ',,, שע, 'איבער אַ היטל'.

3. סתּם אַ וויץ. „אַן אַ, און אַ קאַץ האָבּן ניט קיין בּעל־הבּית, ווער עס כאַפּט זיי, יענעמס זײַנען זיי„ שוו. „פּוּפּציק מאַרשאַליקעס האָבּן שוין פּרוּבּירט די שענסטע וויצן, אַ'ן וועלכע קענען אַ בּית־עולם מאַכן לאַבן...„, יהואָש, וואַ־וואַ־וואַ, אַ קאָנסטיטוציע„ 1906.

־אַריוס — זאַמלונג, זבּ פֿון אַ'ן (בּ2). „ דעמאָלט וועט ראַוויטשעס בּוך ווערן — לויט זײַנעם אַן אויסדרוק — אַ צוגעגעבּענער אַ'אַריום„, יג, אין תּוך I. ־יזס — סיסטעם פֿון איבּערגעבּן היסטאָרישע פּאַסירונגען אין פֿאָרעם פֿון אָפּגעריסענע אַנעקדאָטן (בּ2). ־יסט — ווער עס האָט ליבּ צו דערציילן אַנעקדאָטן.

—יש — אַדי. אַ'ישער עפּיזאָד. אַ'ישע פּאַסירונג. „אַלע מעשׂהלעך וועגן הערשל אָסטראָפּאָליער, מאָטקע חבּ„ד און אַנדערע פֿאָלקסוויצלערס זײַנען אַ'יש“.

אָנעקיק — אַדי. פּפֿ: ~עקעדיק. וואָס איז אָן אַן עק; וואָס האָט קיין עק ניט. אָ'ע מאַלפּע. אָ'ע אַמפֿיבּיעס.

אָנעקלען — טרוו. עקל אָן, ~געעקלט. אַרויסרופֿן אַ געפֿיל פֿון עקל פֿאַרעקלען. „אַזוי זאָל

.

מען זיך אָפּהאַלטן פֿון עסן ציבּעלע, קנאָבּל...

וואָס וועט דעם אַנדערן אָ',,, אמד, הלכות
דרדארץ, ווילנע 1871. ,,מײַן חתן האָט געטראָגן
קליידער וועלכע האָבן מיך פּשוט אָנגעעקלט,,,
מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III,
דראָהאָביטש 1898. בײַ י▯ראל ברכיהו, מלון

אַנעקס

אידי־עבֿרי, קאָסעל 1947: ,,אָ, — ערר געל
נ▯ש,,.
אַנעקס — דער, ־ן. 1. בײַגעבײַדע, צובוי,
▯ליגל צו אַ גרעסערן בנין. אַ, צו דער
שטאָטישער ביבליאָטעק. 2. דאָס וואָס ווערט
צוגעגעבן, צוגעלייגט צו אַ דאָקומענט. אַן אַ, צום
אָפּמאַך.
אַנעקס▯יע — די, ־ס. < איי < ל. 'אָנבינדונג,.
אַקציע פֿון פֿאָרמעלער לעגאַליזירונג נאָכן
פֿאַרכאַפּן אַ שטאָט, געגנט אָדער לאַנד מיט
מיליטערישער מאַכט. דאָס פֿאַרכאַפֿן גופֿא (מיט כּוח
אָדער דורכן סטראַשען אָנצוווענדן מיליטערישן
כּוח). די אַ, פֿון אַלט־ירושלים דורך דער
ירדנמלוכה אין 1948. ,,אַ דעמאָקראַטישער שלום
אָן אַ'ס, אָן קאָנטריבוציעס''. ''זײַן ערשטע ▯אָר

מולירונג קען בשום־אופֿן ניט פֿאַרענטפֿערן
פֿראַנקרײַכס... אַ, פֿון יענע לענדער“, זשיט
□ □I□, נ“י 1919.
־יאָניזס — אײַנשטעל (אַין דער פּאָליטיק)
אַז גרויסע מלוכות זײַנען באַרעכטיקט
אײַנצושליסן אין זייער מלוכה־סיסטעם קלענערע
מלוכות פֿון זייער אַרום. “די פּאַרטייען וואָס האָבן
געשטיצט די פּאָליטיק פֿון אַ''“, ייִבל XXIX, 74.
־יאָניסט.
אַנעקסירן — טרוו ־סיר, אַנעקסירט. אויך:
.
אַנעקטירן. 1. אײַנשליסן, מאַכן פֿאַר אייגן
אַ טעריטאָריע וואָס מע האָט אָקופּירט מיט
באַוואָפֿנטער מאַכט. „אין די שטאַרקע מהומות וואָס
האָבן אַצינד אויסגעבראָכן... האָט רוסלאַנד
□.. אַגעקסירט גאַנץ פּאָדאָליען„, זש, קיסר און
רבי I. 2. בכלל פֿאַרנעמען אַ גרעסערן שטח.
תּל־אָבֿיבֿ וואַקסט און אַנעקסירט אַלץ גרעסערע
שטחים. „מײַן וועלטל ווערט אַ ביסל רײַכער...
עס ציט זיך פֿון שטאָט אַרויס און אַנעקסירט
דעם אינזשעניערס גאָרטן“, פּרץ, זכרונות.
3. אויסברייטערן אינטערעסן, מאָטיוון,
פֿאָרשונג־געביט דורך אײַנשליסן נײַע סוזשעטן.
אַ, אין פּראָגראַם אַלץ נײַע לימודים. “אַנעקטירט

אַלץ גרעסערע ספּערעס פֿון דער

פּערזענלעכקייט“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט -

ונג.

 ער.

אַנעראָאי'ד — דער, ־ן. < איי < גר. 'אָן

נעץ'. יעדער מכשיר וואָס צו ניצן אים איז

ניט נייטיק קיין

פֿליסיקייט און וואָס פֿון אים

איז (צום טייל)

אויסגעפּאָמפּעט לופֿט, ספּעצ

אַ'־באַראָמעטער. “דער

אַ, איז גרויס ווי אַ

זייגער... היות ווי

עס זײַנען ניט נייטיק

קיין שום מאַניפּולאַציעס אַרום אים, איז דער

אַ'־באַראָמעטער אַ שטענדיקער שטוביקער

מכשיר“ פֿגעז, ווילנע 21 1932' No. אָגראַ

-

,

— מיט אַ רעקאָרדיר־מעכאַניזם.

אַנעראָ'ב — דער, ־ן. אָרגאַניזם (באַקטעריע)

וואָס קען לעבן אָן לופֿט, אָן פֿרײַען

זויערשטאָף —יאָ'ז — דאָס לעבן אין אַ סבֿיבֿה
.
אָן זויערשטאָף. ־יש — אדי

1612

אָנערגערן — טרוו ־ער אָן, ~געערגערט.
.
1. אַ סך ערגערן פֿאַרשאַפֿן אַ סך ערגערניש,
.
עגמת־נפֿש. אָ, צום טויט. "ער האָט אים אַזוי אָנגעערגערט, אַז ער האָט זיך צעוויינט אויפֿן קול". 2. מאַכן ערגער. פֿאַרערגערן. אָ, דעם מצבֿ. אָ, באַציאונגען. מיט ז י ך — אַ גאַנצן טאָג זיך אָ, איבער די קינדער. שפּאַסיק און פּעיאָ, אַנשטאָט אָנגעהערן זיך. אָ, זיך מיט אים שני־בשני, שני־בשלישי אע.

אָנערדיק — אַדי. נעאָל. סאָוו. [לויט־] 3eMe 6e
. וואָס האָט ניט, וואָס באַזיצט ניט קיין ערד, קיין אייגענעם חלק באָדן. אָ'ער פּויער. „ביז דער מלחמה פֿלעגן הונדערטער טויזנטער אָ'ע פּוילישע פּויערים... עמיגרירן אין אַמעריקע", ד. מאַרשאַק איבז, פּוילן, מינסק 1931.
אַן ערך — [... ערעה אינוואַריאַנט. 1.

אומגעפֿער. לפֿי־ערך. מער־ווייניקער. אַרום.
פֿאַרמאָגן אַן ע, הונדערט טויזנט קערבלעך. אָן
ע, פֿינף מײַל פֿונדאַנען. וועגן אַן ע, צען פֿונט.

,,אַן ע, אויף איין אַר□ין פֿון שפּיץ איז גוט
אויסצושמירן זיי [די פֿלעקלעך] מיט
איבערגעקאָכטע דזעגעכץ“, מ. וועללער, ווי מען
פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.

2. אַשטייגער. למשל, כּדומה למשל. ,,וואָס
וועסטו מיר אַן ע, דערציילן?,,. ,,פֿאַרוואָס זשע
זאָל דאָרטן אַן ע, אַ ייִד נאָך אַ לולבֿ זיך
שלעפֿן?,,, פֿרוג ,צום נײַעם יאָר', 1899.

אָן ערך — אַדוו פֿראַזע. 1. אָן אַן ערך.
אַן אַ מאָס. אָן אַ פֿאַרגלײַך. קיין סאַרגלײַך ניט.

2. ,,ער איז אָן ע, רײַכער פֿאַר מיר“.
אומגעהײַער. זייער אַ סך. ,,און אײַנגעהיט איז פֿאַר
דער אומה געבליבן אַן אוצר אין מיר: די
פֿאָלקסזעל — אַ פֿרישע, אַ פֿרומע,... אַן אוצר
אָן ע, און שיעור,,, אַל, 'י□דיש'.

אַנערכדיק — [... ערעכ...] אַדי. וואָס איז אַן ערך, אומגעפֿער, ניט־פּינקטלעך, אָבער מערווייניק נאָענט צו דער וואָר. די אַ'ע גרייס. אַ'ע ציפֿערן. אַן אַ'ער באַריכט. אַ'ע אָפּשאַצונגען. ־יקייט — "אויפֿן סמך פֿון אָט די אַ'ן האָבן [זיי]... אויפֿגעשטעלט אַ טאַבעלע", ש ביקל, טמז, 4 1954 ◻ I.

אָנערקענונג — די, ־ען [דטשמ, אָנגענומען אויך פֿון פּוריסטן. ← אָנדערקענונ ◻ 1 .I. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנערקענען. דאָס האַלטן גרויס, וויכטיק, שטאַרק, יחוסדיק אע. דאָס האַלטן אַז עס קומט עמעצן אַ דאַנק, אַז מע האָט זיך פֿאַרדינט אע. פּרעסטיזש. קריגן, גע ◻ ווינען אָ'. זיך דערדינען צו אָ'. די אָ, פֿון דער מאַסע אַז... איז דער אמתער פֿירער. די אָ, פֿון דער קריטיק. "נו, יאָ — זאָגט ער אַליין, האָבנדיק אָ, פֿאַר דעם פּיסקל זײַנעם,,, ווײַס II, 'דער איבערגאַנג'.

2. צושטימונג, הסכּם. ,,קומט אַרײַן אין באַגײַסטערונג אי פֿון זײַן אייגענעם פּלאַן, אי פֿון קאָפּלס אָ',,, עוזר וואַרשאַווסקי, שמוגלאַרעס.

3. אָפּשאַצונג, אויסצייכענונג. ,,[די נאָבעלפּרעמיע] עטלעכע און פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר,

איז אַ גאַנץ פֿײַנע געלטלעכע אָ'", יג טמז,
29 X 1965. אָ'־ווערט(יק).

אָנפּאַדען זיך

אָנערקע'נט — אַדי. וואָס קריגט
אָנערקענונג. וואָס איז אָפּגעשאַצט, באַקאַנט,
אַקצעפּטירט. אָנגענומען, געאַכט. עטאַבלירט. אָ'ער
שרײַבער, מומחה, ספּעציאַליסט אאַזוו. ◻ איך
האָב געהערט די וואונדערבאַרע ווערטער פֿון
אַן אָ'ן הויכגעשעצטן מענטשן,,, בעמ ◻ I. ,,צי
איז בכלל מיגלעך... אַרײַנצוברענגען אָ'ע
נאָרמעס אין דער ייִדישער קולטורשפּראַך", מוו,
ייִשפּ XIX, 2 ־קייט.

.

אָנערקע'נען — טרוו. אָנערקע'ן, אָנערקע'נט.
[← אָנערקענונג.] 1. געהעריק אָפּשאַצן.
האָבן אַ הויכע מיינונג. אָ, יענעמס אויפֿטוען,
פֿאַרדינסטן, גרויסקייט אאַזוו. אָ, די מאָראַלישע
גרויסקייט פֿון די נביאים. זײַן טאַלאַנט וועט
מען (ניט) אָ'. אָ, אַ שרײַבער, אַ דענקער, אַ
כּלל־טוער אע.
2. סאַנקציאָנירן. יורידיש באַשטעטיקן. אָ,

דע פֿאַקטאָ, דע־יורע. אָ, דאָס רעכט פֿון עמעצן. אָ, מדינת ישׂראל. אָ, אַ נײַע רעגירונג נאָך אַן איבערקערעניש. „די באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט אָנערקענט אַז פּאַלעסטינע דאַרף זײַן דאָס ייִדישע היימלאַנד„. „ווילן מיר פֿירן אמתע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק... קען נאָר זײַן דעמאָלט, ווען מיר אַלע וועלן אָ, דאָס רעכט פֿון דער ייִדישער שפּראַך“, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרע“ב, לעמבערג 1911. “האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק די מאַקאַבייער אָנערקענט אַלס זײַנע הערשער„, אַלכּסנדר האַרקאַווי, דיא יודישע רעוואָלוציאָן, נ“י 1892.

3 פֿאַררעכענען. אַרײַננעמען אין אַ גרופּע.

„אַ קינד פֿון אַ ייִדישער מוטער אָנערקענט דער ייִדישער דין פֿאַר אַ ייִדן“. “ער אָנערקענט ניט קיינעם, בלויז זײַן גלײַכן„ סעג, געברענטע טריט. „אויב אַפֿילו די גדולים זײַנען פֿולבלוטיקע משומדים פֿאַרמאָגן די קולטור־פֿרעסערס

אַן אייגענע כשרות־פּלאָמבע און זיי אָ, דעם משומד פֿאַר אַ ייִד", אפֿא, טמז, l1964 II ׳י 13.

4. אָננעמען, באַטראַכטן אַז עס איז וויכטיק, ריכטיק. "אַבֿרהם אָבֿינו איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנערקענט אַחדות־השם,,, הר׳ ש. פליסקין, אַמעריקאַנער, 8 ׳ III 1958.

5. אָננעמען ווי אַ פֿאַקט, ווי אַ מוז. אָ, יענעמס כּוח. אָ, עמעצן ווי דעם זיגער. ,,דער דאָזיקער פּראָצעס איז אומפֿאַרמײַדלעך, ווי שווער עס זאָל ניט זײַן אים צו אָ'", דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.

6. צוגעבן. מודה זײַן. "אָ, די אייגענע פֿעלערן איז אַ הויכע מדרגה".

־עכץ. ־ער (־ין). ־ערײַ.

אָנפּאָדלעצעווען — אוטוו & טרוו. ־צעווע אָן, ~געפּאָדלעצעוועט. טאָן אַ סך געמיינע זאַכן, מיאוסע מעשׂים, ווי אַ נידערטרעכטיקער מענטש. אָ, און אומגליקלעך מאַכן אייגענע חבֿרים. אָ, פֿאַלשע חשבונות.

אָנפּאַדען זיך — אוטוו ־דע זיך אָן, זיך

.

~געפּאַדעט. 1 ׳ אַ סך אַרומגיין פֿון אָרט צו אָרט, אַהין און צוריק. אַ גאַנצן טאָג זיך אָ,

בײַ דער אַרבעט. 2. אַרומשמײַען הכנעהדיק אַרום עמעצן. אָ, זיך אַרום די חשובֿע געסט.

אָנפּאותדיק

אָנפּאותדיק — [... פּייעס...] אַדי. נעאָל.
וואָס האָט ניט קיין פּאות. ־יקייט —
,,ס'וואָלט דאָך אַ סך אָנשטענדיקער געווען פֿאַר
אַן אָרטאָדאָקסישן רבֿ... ניט צו שטאָלצירן...
מיט זײַן אייגענער אָ',,, יג, טמז, 1964 □ 17.
אָנפּאַזעווען — טרוו. ־זעווע אָן, □ י.,
געפֿאַזעוועט. (סטאָליערײַ) אָנהובלען דינע ברעטלעך
(וואָס קומען אין מיטן טיר). אָ, פֿילאָנקעס.
אָנפּאַטשן — טרוו & אוטוו פֿאַטש אָן, ~
געפּאַטשט. 1. אַ סך פּאַטשן □ געבן פּעטש.
באַשטראָפֿן מיט פּאַטשן. ,,איך האָב דעם בחור,
בײַ וועלכן איך האָב געפֿאַקט אָ טריף פּסול
אונטערן גמרא, אָנגעפּאַטשט און פֿון
ביתמדרש אַרויסגעטריבן,,, י. זןיבערבלאַט, די
אשת־איש, ווילנע 1894. ,,זינט די וועלט שטייט
האָט נאָך ניט פֿאַסירט אַז דער גרעסטער האַסער
פֿון חניפֿות זאָל אָ, דעם וואָס חנפֿעט אים,,, א
יהואָש, 'שפּליטער'. 2. אַ פּאַטש טאָן, אַ □

שמש האָט אָנגעפּאַטשט אי אָ
ן שולחן עס זאָל
קלאַפּ טאָן מיט דער פֿלאַך פֿון האַנט. „דער

ווערן שטיל. מע האָט זיך געשטעלט דאַוונען“.
אנפּאטש — טרוו ־ אָ
קען קע אָן, ~געפּאַטשקעט
. .
מיט ז י ך — קזוו ־עניש ־ער.
.

פּפֿ: ~פּיאַטשקען. 1. אָנשמוצן. שמוציק
מאַכן. „גרייט זי דאָס עסן, פּאַטשקעט זי אָן
די גאַנצע קיך„.
2. גיך, שמוציק, ניט דײַטלעך שרײַבן.
אָנטערכען. אָ, אַ גאַנצע מגילה. אָ, קאָטשערעס

מיט לאָפּעטעס. „האָסט דאָרט עפּעס
אָנגעפּאַטשקעט. ווער קאָן דאָס איבערלייענען?„.. א
3. שלעכט מאָלן. אָנשמירן. „ער פֿלעגט... אָ,
אויף דער וואַנט אַ פֿייגעלע, איז עס געווען א
געראָטן אין אַ בהמה“, אי. קיפּניס, פֿרייד.
4. אָנשרײַבן עפּעס וואָס האָט קיין ווערט ניט,
קיין זינען ניט. “דער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך

פֿאַרגונען אָנצופּאַטשקען אַ גאַנצן בויגן...
אָנגעשפּיקעוועט מיט שטעלן פֿון גמרא און
פֿון מדרשים“, ייִפּאָל, 24 1882, No. „וויַיז וואָס א
מע האָט וועגן מיר אָנגעפּאַטשקעט„, א. קאַהאַן,
אינזשעניערן, קיִעוו 1932. “ווי יענער שרײַבער
דאָרט וואָס האָט אָנגעפּאַטשקעט אַ דיק בוך
וועגן דער הייליקייט פֿון שבת און געשריבן
האָט ער עס אין שבת„, באַש פּאָר, 27 1968 I. א
,
־עניש.
אָנפּאָי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט אָ

-

פֿון אָנפּאָיען. אָ'־אָרט. „אין פּאַשע־אויפֿהאַלט
האָט אַ גרויסן באַטײַט דאָס... אָ אָרט“, ק.
'־
סורין, וואָס דאַרף וויסן אַ פּאַסטעך...„
פּאָלטאַווע l932.

1. אָנטרינקען, געבן צו טרינקען אַ פֿערד,
אנפּאָיען — טרוו. פּאָיע אָן, געפּאָיעט.

—
אַ בהמה. „אַלע פֿערדלעך אָנגעפּאָיעט, אַלע
ל..., קאָן מען שוין אַ אָ ־
מיידעלעך אויסגעסטראָיעט“ פֿל, קל. “
אָנגע,
פֿאָיעט דאָס פֿערד
טראַכט טאָן וועגן זיך אויך“, שע פֿון צוויי
,
וועלטן. „די כעלעמער בעלי־עגלות האָבן דאָרט
אָנגעפּאָיעט זייערע סוסימלעך“, ייִט, טאָג, אָ
24 1957 .III

2. אומאיידל אָדער שפּאַסיק — וועגן אַ מענטשן. אָ, מיט אַ פֿול קענדל וואַסער. „געוואַרעמט מילך מיט צוקער אָ', און דאָס קינד האָט קיין זאַך ניט געוואָלט נעמען אין מײַלכן„, ש. בעקערמאַן, דיא שלימזלניצע, אַדעס 1887.

3. אָנשיכּורן. אָ, דעם סטראַזשניק. „וכּטובֿ לבֿ המלך ביין, כּסוסים, כּחמורים געטאָן אָ'. האָט דער ווײַן אָנגעהויבן אין זיי צו ברויען„, אַלתּר אַפּטער, גרם המעלות, ירושלים [1932].
*אָ, דעם גאָ ר ג ל = זייער אַ סך אויסטרינקען בראַנפֿן.

מיט ז י ך — „אין ברענענדיקער וואָלגע פֿון טשוהון גייט זיך אָ, די זון„, ב. אַלעווסקי, [רעד,

אַקש, 14 אָקטיאַבערס, מאָסקווע 1931]. פֿיג — זיך אָנפֿילן, זיך אָנזעטיקן. „מיר פּאָיען זיך אָן מיט וואַרעמען מוט און פֿריילעכקייט“, נאַד, סינט און פֿעדער, נ„י 1936 ־עניש.

.

'נסאָכן — טרוו. פּאָך אָן, ~געפּאָכט. לאָקל (וואו?). אָנקלאַפּן.

נפּאָליטור(יר)ן — טרוו ־טור(יר) אָן, [illegible]„
גע.

פּאָליטור(יר)ט. (סטאָליערײַ) באַדעקן מיט
פּאָליטור(קע). ← אָנפּאָלירן.
נפּאַל(
— טרוו ־ל(י)ע אָן, ~געפּאַל(י)עט.
פּ ן .
י)
ליעווען. 1. שטאַרק אָנהייצן. אָ,
פּ: ,
דעם אויוון. אָ, די שטוב. אָ, ווי אין אַ באָד.
„ער ווישט דעם שטערן מיט דער פּאָלע פֿון
מונדיר און ברומט: נו, נו, האָסטו דאָס
אָנגעפּאַלעט“, הר, הרודעס. 2. אָנהיצן, שטאַרק
אָנוואַרעמען. „די זון האָט אָנגעפּאַלעט דעם זאַמד
בײַם ברעג פֿון ים„ ־עניש.
.
נפּאָל(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אָן, ~געפּאָל(י)עט.
דזוו אָניעטן ..
נפּאָלירן — טרוו. פּאָליר אָן, ~געפּאָלירט.
אָנרײַבן, אָנגלאַנצן דורך פּאָלירן. „,איבערהויפּט
איז... שווער אָנצופּאָלירן אַזעלכע האָלצן,
וואָס זייערע קאַנאַלן זײַנען זייער גרויסע, ווי
דעמב... אאַ“ י. מ. בערמאַן, די טישלער
אַרבייט, פּעטערב, 1913. ־ונג.

נפּאַלמעסן — טרוו. פּאַלמעס אָן, ~
געפּאַלמעסט. 1. אַ סך פּאַלמעסן. 2. אָנבּרעכן,
אָנשלאָגן די זײַטן. דערלאַנגען שטאַרקע קלעפּ
מיט אַ שווערער זאַך. אָ, די קעפּ פֿון די
דעמאָנסטראַנטן.
נפּאָלסטערן — דזוו אָנטאַפּעצירן ← ־ונג.

.

נפּאָמאַד(י)ע(ווע)ן — טרוו. ־ד(י)ע(ווע) אָן,
~געפּאָמאַד(י)ע(ווע)ט. אָנשמירן מיט פּאָמאַדע,
פֿארבּ, שמינקע פֿאַרבּשטיפֿטל. „די האָר פֿון
־
,
דער... בּאָרד זײַנען אָפּגעפֿאַרבּט,
אָנגעפּאָמאַדעט„, שע, סענדער בּלאַנק. "ער האָט מיר
פֿאַרקעמט די האָר... און האָט זיי פֿעט
אָנגעפֿאָמאַדעוועט", מ. מ. ראָזענבּאַום, עראינערונגען
פֿון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, נ„י 1921.
מיט ז י ך.

נפּאָמסן — טרוו פּאָמס אָן, ..„געפּאָמסט.
אָנפֿאַרבּן מיט פּאָמס. אָ, דעם געלענדער. אָ, די
ליפּן.
נפּאָמפּ(ע)ן — טרוו. פּאָמפּ(ע) אָן, ~
געפּאָמ

פּ(ע)ט. פּפֿ: ..„פּאָמפּלען (מיט אַ קליינעם

אָנפּאַסן

פּאָמפּ). 1. אָנשעפּן וואַסער מיט דער הילף
פֿון אַ פּאָמפּ. אָ אַן עמער וואַסער.

,

2. דורך פּאָמפּ(ע)ן אָנפֿילן מיט אַ
פֿליסיקייט אָדער מיט לופֿט. ,,דאָס האַרץ פּאָמפּעט
אָן בלוט אין די געפֿעסן,,, כ. א□ .זנשטאַט און
פֿ מילער איבז, ק. נ. בערקאָוו, דאָס לעבן,
מינסק 1925. ,,צו שוואַך די רעדער אָנגעפּאָמפּט,,,
מלה, 'געשטאָרבן דער סקעב'.

3. סתּם אָנפֿילן וואָס דערמאָנט דאָס ניצן
אַ פּאָמפּ. ,,די רער לויכט... ווי מע האָט אין
איר אָנגעפּאָמפּעט טאָגשײַן,,, איבז, ב. זשיטקאָוו,
עלעקטרע אינדערהיים, קיִעוו l930. ,,האָט
גענוג וואַסערדיקע רייד אָנגעפּאָמפּעט אין דער
חײַנטיקער פּיעסע“, נ. זאַבאַרע, סאָוו,
היימלאַנד, 9 7□)19, No.

4 פֿיג. אָנשטאָפּן יענעם מיט פֿרעמדע

מײַ

□

.

נונגען, אידייען. פֿאַראַגיטירן. ,,האָבן זיי
אָנגעפּאָמפּעט איינע די אַנדערע מיט פֿאַרבּיסענע

פֿײַנטשאַפֿט צו דער פֿאַרטיי,,. שטערן, מינסק
12 1934, No. ,,פֿונדערווײַטנס און זייער
פֿאָרזיבטיק האָט ער גענומען אָ, מיך מיט פּאָליטיק“,
בּ. מאַרשאַק איבּז, אָ. נאָוויקאָוו־פּריבּאָי, צומימאַ
, בּאַרדיטשעוו 1936.
5. פֿיג. אומדירעקט אַרויסקריגן
אינפֿאָרמאַציע. אָ, דעם אָנגעשטעלטן זיך צו דערוויסן
וואָס
עס טוט זיך אין מיניסטעריום.
6. פֿיג. אויפֿבּלאָזן דורך גוזמאדיקער פּראָ..
פּאַגאַנדע, דורך אומסאַרדינטן פֿרסום. אָ אַן
-
,
אַקטיאָר אַ האָלץ. אָ אַ גראַפֿאָמאַן.

,
7 אָנליַיען געלט (מיט דער באַהאַלטענער
כּוונה ניט אָפּצוגעבּן). ער האָט אים
אָנגעפּאָמפּ(ע)ט = ער האָט בּײַ אים געליִען געלט.
8. (אומאיידל) שוואַנגער מאַכן. אָ, אַ בּײַכל.
מיט ז י ך — ,,זיך אָ, מיט כּעס,,, אי. קיפּניס,

די צײַט גייט, קיִעוו 1940. ־עניש.
אָנפּאָנטשע(ווע)ן — ־טשע(ווע) אָן, ~
געפּאָנטשע(ווע)ט. אוטוו — אָנטומלען, אָנהוליען (זיך). אָ, און ניט וויסן וואו מען איז אויף דער וועלט. טרוו — אָנמישן, צונויפֿמישן אומזיניקייטן. אָ, אויסטראַכטענישן מיט אמתע פֿאַסירונגען.
אָנסאַנצערן — טרוו ־ער אָן, ~געפּאַנצערט.
1 אָנטאָן אַ פּאַנצער. אָ, דעם ריטער. 2. באַוואָרענען מיט מיטלען אָנצוגרײַפֿן אָדער צו פֿאַרטיידיקן. אָ, די פֿאַרטיידיקונג מיט גוטע באַווײַזן. מיט ז י ך — אָ, זיך אין (מיט) אַ קאָרסעט. ־ונג. ־ניש.
אָנפּאָסמאַקעווען זיך — אוטוו. ־קעווע זיך אָן, זיך (גע)פֿאָסמאַקעוועט. זיך מחיה זײַן מיט עפּעס, אויסדריקן הנאָה מיט אַ פֿיזישן פֿאַרגעניגן. זיך אָ, מיטן טשאָלנט, מיטן ווישניאַק.
אָנפּאַסן — טרוו פּאַס אָן, ~געפּאַסט. פּפֿ. ~פּאַסטן. 1. אָנמעסטן (נאָכן צושנײַדן), זען צי עס האָט די ריכטיקע מאָס. אָ, ר ו י = איידער עס איז צוזאַמענגענייט. אָ, אַ מלבוש. אָ, די ברילן. „זי מוז זיך שטעלן אָ, די קליידער„, סעג, 'גאָלדענע פֿאַוועס'.“ האָט מיר יודל

געבראַכט דעם ראָק אָנצופּאַסן. ער איז געלעגן

אָנפּאַסעווען

זייער גוט", זב, דער פֿאָלקס־פֿרײַנד, ווילנע
1901. 2. אָנמעסטן דעם כמעט פֿאַרטיקן
מלבוש כדי צו זען צי עס איז ניטאָ קיין
דעפֿעקט. „מאָרגן וועט זײַן גרייט דער מלבוש
צום אָנמעסטן און נאָך שבת — צום אָ„,.
3. אַרײַנפּאַסן. אָ, אין געשטעל דאָס ריכטיקע
שטיק האָלץ. 4. אַרויפֿטאָן לעדערנע פּאַסן
(רימענס) אויף רעדער פֿון אַ מאַשין אָ, דעם
קאָנווייער.
מיט ז י ך. —ונג — אָ'־פֿיגור. ־עניש.
אָנפּאַסעווען — טרוו ־סעווע אָן, ~
געפּאַסע.
וועט. 1. צעשנײַדן אויף פּאַסן, צויטן. אָ, אַ
שטיק שטאָף, פּאַפּיר. 2. אָנשמײַסן מיט אַ
פּאַסיק, רימען. אָ, דעם הינטערחלק.
אָנסאַסען — → אָנפּאַשען. "איך גי
אַוועקי
פֿירן דעם פֿערד אויף נאַכט... מע דאַרף אים
אָ"", אי קיפּנים איבז, שמייכלען, כאַרקאָוו
.1929

אָנפּאַסקוד(י)ען — טרוו ־ד(י)ע אָן, ~
גע.
פֿאַסקוד(י)עט. פּפֿ: ~פּאַסקודזשען. 1.
אָנבּרודיקן פֿאַראומרייניקן (מיט צואה). אָנטראָגן
,
בלאָטע, מיסט. „אָנגעפּאַסקודעט מיט זייערע
שטיוואַלעס„, שע, 'דאָס גרויסע געווינס'. „די
פֿאָדערשטע דײַטשע טיילן האָבּן...
איבּערגענעכטיקט, אָנגעפּאַסקודיעט...“, י פֿאַליקמאַן,
.
מענטשן פֿון מײַן לאַנד, מאָסקווע 1945. „כּדי
אָ, און שעדיקן. . דערצו פֿאָדערט זיך כּלל ניט
קיין גרויסע צאָל מענטשן“, איבּז, א. ווישינסקי,
אייניקע מעטאָדן..., מאָסקווע 1937. 2.
בּאַניצן ניבּול־פּה, פּאָרנאָגראַפֿיע. אָ, רייד מיט די
ערגסטע זידלערײַען. 3. רעדן (שרײַבּן)
רכילות, אויסטראַכטן בּלבּולים, בּכלל עפּעס וואָס
עס איז מיאוס, פֿאַלש. אָ, אַ בּוך וועגן ייִדן.
“ד אַנטיסעמיטערײַען וואָס... האָט
אָנפּאַסקוי
דיעט„, צײַט, טמז 17 1964 I. *אָ, אויפֿן
האַרצן = שאַפֿן אַ פֿאַסקודנע שטימונג.
אָנפּאָעטיזירן — טרוו. ־זיר אָן, ~
פּאָעטיזירט. (סאַטיריש) כּלומרשט שאַפֿן פּאָעזיע.

אָ, גאַנצע דרײַ ביכער. אָ, אַ לעבן־לאַנג און
(זיך) אײַנרעדן אַז מען איז טאַקע אַ פֿאָעט.

אָנפּאַסן — טרוו. פּאַפּ אָן, ~געפּאַפּט. 1.
אָנקלעפֿן מיט פֿאַפּ, מיט קלייסטער. אָ, דעם רוקן
פֿון ספֿר. „די אויסנווייניקסטע זוילן פֿון שיך
נייט מען צו, די אינעווייניקסטע פּאַפֿט מען אָן“.
2. אָנלייגן מיט פּאַפּ, טאַר־פּאַפּיר. „ער האָט
אָנגעפּאַפֿט דעם דאַך, עס זאָל ניט
אַרײַנרעגענען“. 3. פֿאַרשמירן מיט פּאַפּ. אָ, דעם טיש.
מיט ז י ך פֿאַרטריקנט בלוט האָט זיך
אָנ------
געפּאַפּט אויף די ליפֿן.

▯

אָנפּאַסן — טרוו. פּאַף אָן, ~געפּאַפֿט.
אָנפֿילן מיט רויך בײַם רייכערן. “ער האָט
אָנגעפּאַפֿט אַ פֿולע שטוב מיט זײַן ביליקן טאַבעק“.

-

אָנפּאָסן זיך — אוטוו. פּאָף זיך אָן, זיך ~
געפּאָפֿט. (אומאיידל) שלאָפֿן אַ לענגערע צײַט.
“שוין אָנגעפּאָפֿט זיך, צײַט אויפֿצושטיין“.

אָנפּאַקוטעווען זיך — אוטוו. ־טעווע זיך אָן, זיך ~פֿאַקוטעוועט. זיך אָנמאַטערן, זיך אָנמוטשען. זיך אָ, אין דער פֿרעמד און צוריקקומען אַ צעבּראָכענער מענטש.

1 14

אָנפּאַקירן — טרוו ־קיר אָן, ~געפּאַקירט.

.

(סוחריש) אײַנוויקלען (אין פּאַפּיר, מיט היי אע) און אָנפּאַקן. אָ, אין קאָסטן גלאָזוואַרג. ־דנג.

אָנפּאַקן — טרוו. פּאַק אָן, .,געפּאַקט. 1 אַ סך פֿאַקן. אַרײַנפֿאַקן ווי ל נאָר מעגלעך. אָ, אַ פּולן טשעמאָדאַן. אָ, ווי הערינג אין אַ טון. א, ווי אין אַ זאַק. ,,ער פֿלעגט אָ אַ בּויד מיט

,

פֿאַרשוינען", שע, אַגענטן'. "האָט מען אַוועק,
געבאַפּט קליינע ייִדישע קינדער, מע האָט זיי

אָנגעפּאַקט גאַנצע פֿורן און מע האָט זיי
פּאַרשיקט טיף אין רוסלאַנד,,, אַמעריקאַנישע גליקן,
וואַרשע 1895. ״די טעקע האָט ער אָנגעפּאַקט
מיט בּיכער״, באַש פּאָר, 1966 I l.

,

2. געבּן אַ סך צו עסן. אָ, די געסט מיט
כּלטובֿ. אָ, דעם מ אָ ג ן, די קישקע. ▯אָ אַ (דאָס)

,

מ ו י ל = גיך, זשעדנע עסן.

מיט ז י ך — 1▯ ווערן פֿול, אָנגעפֿילט. ״האָט
זיך אַן עולם אָנגעפּאַקט אין אונדזערע ליידיקע
וואַגאָנעס״, מעג, געבּרענטע טריט, בּ,,א 1947.
2. זיך גוט אָנעסן. ,,געגעסן ווי נאָך אַ קרענק,
גוט אָנגעפּאַקט זיך״, דער יוד, ▯אַר פּסח,
וואַרשע 1881.

־ונג. ־עכ▯ן. ־עניש.
אָנפּאָקן (זיך) — אוטוו. פּאָק (זיך) אָן, (זיך)
▯געפּאָקט. דורכמאַכן די פּאָקן־קראַנקייט
אין אַ שווערער פֿאָרעם. *זיך אָ, און אָנמאָזלען=
אַ סך דורכלײַדן. ,,דאָס פֿאָלק ישׂראל איז אָן
אַלט פֿאָלק און עס האָט זיך... אָנגעפּאָקט
און אָנגעמאָזלט מיט דער וועלט״, ייִט, טמז,
3 ▯1▯19 I.

אָנפּאַקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~ געפּאַקע.
וועט. דזוו אָנפּאַקן (דאָך: שטאַרקער, פֿעסטער, געדיכטער). ,,אָ, די בריטשקע“, מ. דלוגאַטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881. מיט ז י ך — ”ווער שמועסט נאָך, אַן מע פּאַקעוועט זיך אָן מיט רעטעך און מיט ציבעלעס“, ממוס, 'בישיבה של מעלה,.
אָנסאַרטאַטשע(ווע)ן — טרוו ־טשע(ווע)
.
אָן, ~געפֿאַרטאַטשע(ווע)ט. אָפּטאָן אַן ארבעט שלעכט, ניט פֿאַכמענעריש. אָנמאַכן אַ סך פֿעלערן ביי אַן אַרבעט. ,,מיר האָבן אַוודאי נישט ווייניק אָנגעפֿאַרטאַטשע(ווע)ט“.
אָנפּאַרטייאיש — אַדי. וואָס איז אָן אַ פֿאַרטיי, אָן אַ פֿאַרבינדונג מיט אַ פֿאַרטיי. אָ'ע שטאָט־פֿאַרוואַלטונג. ־קייט.
אָנפּאַרען — טרוו ־רע אָן, ~געפּאַרעט.
▯
1. צוגרייטן עפּעס מיט פּאַרע, מיט זודיק וואַסער. אָ, טיי. אָ, שטאָף. אָ, אַ געשוויר, עס זאָל ווערן ווייך. 2. אָנפֿילן מיט פּאַרע, מיט דאַמף. אָ, די באָד. 3. אָנהייצן. שטאַרק אָנוואַרעמען. ”אָ, די שטוב ווי אין גרעסטן

פֿראָסט״. מיט ז י ך — ״די שטיינער אין גאַס
האבן זיך אָנגעפּאַרעט פֿון דער זון,, ־עניש.

.

אָנפּאָרען זיך — אוטוו. ־רע זיך אָן, זיו
~געפֿאָרעט. זיך פֿאַרנעמען אַ לענגערע צײַט
מיט פֿאַרשיידענע אַרבעטן (ספּעצ שטוביקע
אַרבעטן). מיד ווערן פֿון פּאָרען זיך. אָ, זיך
אַרום אַ חולה. ״די ווײַבער... האָבן זיך אַזוי

אָנפּודערן

אָנגעפֿאָרעט בײַם קאָכן און באַקן,,, בּ.
דעמבלין, ערבֿ נאַכט, תּ״אָ 1954. ־עניש.

-

אָנפּאַרסומירן — טרוו. ־מיר אָן, ~(גע)
פּאַרפֿומירט. אָנשפּריצן, אָנרײַבן מיט פּאַרפֿום.
אָ, די דאַמען וואָס .יען צום באַל. מיט
ז י ך — ״וואָס האָט איר זיך אַזוי
אָנגעפּאַרפֿומירט מיט פּאַרפֿומען״, שע, ,אין צווייען'.
־דנג.
אָנפּאָרקען זיך — אוטוו ־קע זיך אָן, זיך

~געפּאָרקעט. 1. אַ סך זיך פּאָרקען. זיך פֿאָרקען אַ לענגערע צײַט. אָ, זיך בײַם פֿאַרריכטן אַ זייגער, אַ טראַנסיסטאָר. ״דאַכט זיך מאָרגן וועל איך... מיך אַ ביסל אָ, מיט די מחותּנים״, אבֿג, דעקטוף, וואַרשע 1876. 2. דזוו אָנפּאָרען זיך, אָבער אומאיידל. ־עניש.

אָנפּאַרשיוועו — טרון ־ווע אָן, ~(גע) פּאַר.

שיוועט. אָנמאַכן עס זאָל ווערן עקלדיק, אָפּשטויסנדיק, קרעציק. אָ, די שטובֿ מיט מי.. קעכץ. „די גוטע קרענק האָט אָנפֿאַרשיוועט זײַן פּנים מיט קרעץ״.

אָנפּאַשען — טרוו ־שע אָן, .י'געפּאַשעט.

1. אַרויספֿירן (בהמות פֿערד אע) אויף פּאַשע.

,

געבן פֿאַשע. ״מע דאַרף די קו אויסמעלקן און אָ',,, פּנחס גאָלדהאַר, דערציילונגען פֿון אויסטראַליע, מעלבורן 1939. 2. אָנפֿיטערן, אָנקאָרמען, געבן אַ סך צו עסן. אָ, די פֿערדלעך און זיך אַװעקלאָזן אין וועג. אויך: (גוטמוטיק, חכמהדיק) אָ, די קינדערלעך. 3. אָנהאָדעווען.

פֿון דער קו וואָס פֿאַשעט אָן די אײַטערס,,,
,,
אפּא'. ▯. שקיעה. *אָ אַ פּאָר פּיסקעס — אַ סך
— ,
עסן און גאָרניט טאָן. 4. געבן אומזיסטע
קעסט. אָ▯ די דאַרמאָיעדניקעס, דעם איידעם.
מיט ז י ך — זיך אָ, אַ היפּש בײַכל.
אָנסגימהדיק — [... פּעגימע...] אַדי. וואָס
האָט ניט קיין פּגימה. אָ'ער חלף. ,,פֿאַלן
צע▯לאַקערטע שטיקער פֿון הימלען אויף אונדזער
אָ'ער שאַרף", הל, 'די שטאַל,, 1920 ־יקייט.
.
~פּגימותדיק — [... פּעגימעס...] אַדי.
וואָס האָט ניט קיין פּגימות. וואָס איז פֿולקום.
"עס גייט אים שטאַרק אין מאַכן אַ קנאַקעדיקן,
פֿײַנעם אָ'ן אײַנדרוק", ימ איבּז, טאָמאַס מאַן,
טאָנ אָ קרעגער, ריגע 1930 ־יקייט.
' .
אָנפּגען — [... פּעגען] טרוו. פּגע אָן, ~
געפֿגעט. צושטיין צו עמעצן מיט טענות פֿאָר▯
,
וואורפֿן אע. אָ, עמעצן אָן אַ פֿאַרוואָס. מיט
ז י ך — זיך אָננגען, זיך אָנזעצן.

אָנפּדיונען — [... פּי'דיענען] טרוו. פֿדיון אָן, ~געפּדיונט. אָנלייזן געלט (אָפּֿט איר).

אָנפּוגען — דזוו אָנפּוזשען ←.

אָנסוד(י)ען — טרוו. ־ד(י)ע אָן, ~געפּוד(י)עט.

1. אוקר. אָנטאָן אַ בגד אויף אַ בגד. אָנפּעלצן. אַזוי אָ, דאָס קינד, עס זאָל ניט קענען זיך אַ קער טאָן. ◻2. לד. אָנשרעקן.

מיט ז י ך — "האָט זיך אָנגעפּֿודיעט, פֿונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן קיין סיביר".

אָנפּודערן — טרוו. ־ער אָן, ◻,געפּודער◻

1. באַשיטן מיט פּודער. אָ, די באַקן. אָ, דאָס פּֿנים. 2 פֿיג. אָנמוסרן. אָ, דעם געהילף, דעם .

אָנפּוזעז (זיך)

תּלמיד. מיט ז י ך — ,,זי האָט זיך אָנגעפּודערט, אָנגעשמירט די ליפּן און אַרויס אויפֿן שפּֿאַציר".

אָנפּוזען (זיך) — ־זע (זיך) אָן, (זיך) ~ געפֿוזעט. אוטוו — 1. גיין מיט אַן אַרויסגעשטעלטן בויך. אָ, זיך מעשׂה שטאָט־בעל־הבית. אָ, זיך און אויסזען ווי אַ שוואַנגערע פֿרוי אין די הויכע מאָנאַטן. 2. זיך אָנעסן עס זאָל

ווערן אַ פּוזע, אַ פֿולער בויך. טרוו —
אָנשטאָפּן, אָנפּאַקן. אָ, אַ טשעמאָדאַן מע זאָל אים
ניט קענען צומאַכן.
אָנפּוזשען — טרוו. ־זשע אָן, ~געפּוזשעט.
סל. פּפֿ: ~פּודז(י)ען, ~פּוגען — לר.
אָנסטראַשען, אָנשרעקן. אָ, די שטיפֿערס. אָ,
אַ קינד. אָ, בהמות. אָ, מיט מעשׂיות וועגן שדים.
*אָ, די געגדז = איר, כלומרשט אָנסטראַשען.
,,איך האָב פֿאַר דיר קיין מורא ניט. גיי אָ, די
גענדז,,. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָנפּוטען — טרוו. ־טע אָן, □...,געפּוטעט. סל
דזוו אָנפּלאָנטערן ←.
אָנפּוטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געפּוטערט.
אָנשמירן מיט פּוטער. אָ, דאָס שוואַרצע ברויט.
אָ, די פּאַטעלניע.
אָנפּוידען — אוטוו ־דע אָן, □י.,געפּוידעט. אוקר.
.
a□no: □ □ <. אָנלויפֿן. אָ, פֿון אַלע זײַטן.
אָנפּויזען — אוטוו. ־זע אָן, ~געפּויזעט.
קומען צו קריכן.
אָנפּויטשן — טרוו. פּויטש אָן, ~געפּויטשט.
(גאַליצי□). דזוו אָנפּוישן, אָנפּוישטן.
געוויינלעך מיט ז י ך — זיך אָ, מיט ביר. ,,כ'האָב

מיך אָנגעפּויטשט מיט דער יויך וואָס איז
געווען צו געד🞎 בט,,, רייד (קאָלאָמיי). זיך אָ, ווי
אַ שוואַנגערע ייִדענע ־עניש.
.
אָנפּויקן — אוטוו. פּויק אָן, ~געפּויקט. 1. אַ
סו פּויקן. אָ, אין באַראַבאַן. 2. אַ ביסל פּויקן.
נאָר אַ פּויק טאָן. אָ, אין גרויסן פּויק
צונויפֿצורופֿן די זעלנער. 3🞎 אָנקלאַפּן. ,,שטעלט
ער זיך אָפּ בײַם פֿענצטערל, פּויקט אָן מיט אַ
פֿינגער“, פּרץ, זכרונות.... 4. אַנפּלאַפּלען
מיט אַ הויבער שטים. אָ אַ פֿולן קאָפּ. מיט
,
ז י ך — זיך אָנעסן. ־עניש.
אָנפּוישן — טרוו. פּויש אָן, ~געפּוישט. פּפֿ:
~פּוישטן. 1. אָנפּאַקן, אָנשטופּן אַז עס
זאָל אַרויסשטאַרצן. אָ, דעם בויך מיט רעטעך,
מיט גאָרנישט און נישט. ,,ווען מע האָט עפּעס
צו 🞎אַרקויפֿן, טאָר מען עס ניט שענער
🞎
מאַכן..., למשל מע גיט די בהמה קלײַען־
וואַסער... כדי זי זאָל אָנגעפּוישט ווערן און די
האָר זאָלן זיך אויפֿשטעלן,,, חא🞎 מט/ב. ,,מע

פּוישט אָן דעם בויך מיט ווײַן און ביר“, באַש, פֿאָר, 1967 III ▯ 19.

2. שטאַרק אָנבלאָזן, אויפֿבלאָזן. אָ, (ווי) אַ פּענכער. 3. אָנפּעלצן▯ אָ, דאָס קינד, עס זאָל זיך אַרויסזען נאָר דאָס נעזל. אויך מיט זיך. ־עכ▯ן. ־עניש.

אָנפּוכן — טרוו▯ פּוך אָן, ~געפּוכט. אָנשיטן מיט פּוך. פֿאַרפּובן. איבערשיטן אַ פּערענע און אָ, די גאַנצע שטוב. אויך מיט זיך.

אָנפּוכנען — אוטוו. ־נע אָן, ~געפּוכנעט. סל. פּפֿ: ~פּעכנען. געשוואָלן ווערן. „זיך פֿאַרשטאָכן אַ פֿינגער און ער האָט אָנגעפֿוכנעט„. „די פֿיס, לא־עליכם, פּוכנען אָן“. קללה: „ אָנגעפּוכנעט זאָלסטו ווערן“.

אָנפּולווערדיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין פּולווער. “אויפֿן אָ'ן בירגערפֿראָנט“, משה טײַטש, רעמאָנט, מאָסקווע 1923. ־יקייט.

אָנסולווערן — טרוו ־ער אָן, ▯,געפּולווערט.

.

1. אָנפֿילן מיט פּולווער. אָנשיטן מיט פּולווער.

2. שאַפֿן אַ שטימונג פֿון אַ קריזיס פֿון אַ

,

מלחמה־סכּנה. אָ, די לופֿט.

אָנפּוליען — טרוו ־ליע אָן, ~געפּוליעט.

.

אָנשטויבן, אָנפּראָשען. *אָ אַ פֿולן אויער =

,

אַ סך און הויך ריידן. דערציילן ניט־וויכטיקס,

וואָס אינטערעסירט ניט. *אָ, (אין) די אויגן =

שיטן זאַמד אין די אויגן — פֿאַרפֿירן מיט ליגנס,

מיט אַ פֿאַלשן אָנשטעל.

אָנפּומפּן — דזוו אָנפּאָמפּען ←.

אָנפּונדירען (זיך) — לאַקל (האָראָדאָק, וור).

דזוו אָנפּרינדען ..

אָנפּונקטירן — טרוו. ־טיר אָן, ~(גע)

פּונקטירט. אָנשטעלן פּונקטן, פּינטעלעך. אָנשטעלן

נקודות. אָנצייכענען פּונקטן. אָ, בײַם קאָרעגירן.

אַ, די מאַפּע מיט פֿענדלעך. ־ונג.

אָנפּוצן — טרוו. פּוץ אָן, ~געפּוצט. 1.

אויספּוצן אַ סך, אַ גוויסן סכום. „וויפֿל שיך האָט

שוין דער שיכפּוצער אָנגעפּוצט?“. 2. באַפּוצן

פֿון אויבן, אויבנאויפֿיק. „אַז מע וועט דאָס אַ
ביסל אָ„ וועט עס אויסזען כמעט ווי ניַי„.
3. אָפּפּוצן. „די יונגען האָבן אָנגעפּוצט די
שטיוול ביז צו גלאַנץ„„ פּמ, מלחמה 4 .II.
אָפּשווינדלען, אָפּחורשן. אָ, דעם יאָלד.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָנפּוצקען — טרוו ־קע אָן, ~געפּוצקעט.
איר וועגן אָנפּוצן.

אָנפּהדימדיק — [... פּ(ע)כאָדימ...] אַדי.
וואָס האָט ניט, וואָס איז אָן פּחדים, אָן שרעק.
אין אַ רואיקער, אָ'ער נאַכט. ־יקייט.

אָנפּהדנותדיק — [... פּאַכדאָנעס...] אַדי
וואָס איז אָן פּחדנות, אָן שרעק. אָ'ע האַלטונג.
־יקייט.

אָנפּ אַטשקען — ← אָנפּאַטשקען.
י

אָנפּ אַלען — טרוו ־לע אָן, □י„געפּיאַלעט. סל
י

□נ□[וג□ח□[: □ <. ווי ניט איז אָנטאָן.
אַרויפֿשלעפּן אויף זיך (אַ בגד). „אויף מיר האָט ער
אָנגעפּיאָלעט זײַן שינעל„„ אי. קיפּניס, סאָוו,
היימלאַנד, 5 1968, No.

אָנפּ אַנעווען — אוטוו. ־נעווע אָן, ~געפּ
אַנעי ׳
וועט. (אומאיידל) אָנשיכּורן. אָ, ווי יורקע
אויפֿן יאַריד.
אָנפּיטשקען — ← אָנפּיקעווען.
אָנפּיינטן — טרוו פּיינט אָן, י'געפּיינט. אַמ
int][o : <. אָנמאָלן, אָנפֿאַרבן.
אָנמאָל עווען. אָ, אַ בילד ('פּיינטינג').

אָנפּיפּען

אָנפּייניקן — טרוו. ־יק אָן, ~געפּײַניקט.
-
1. פּײַניקן עמעצן אַ סך אָדער פּײַניקן אַ צאָל.
אָ, אין די קאַמערן פֿון אינקוויזיציע, אין
תּפֿיסה. אָ, אומשולדיק אַרעסטירטע. 2. גוזמאדיק.
אָ, אַן עולם מיט אַ נודנער רעדע, מיט אַ
שלעכטער פֿאָרשטעלונג אע. מיט ז י ך — זיך
אָנלײַדן. אויסשטיין אַ סך פּײַן. זיך פֿאַרשאַפֿן
פּײַן. „ער האָט זיך גענוג אָנגעפּײַניקט אין
זײַנע יונגע יאָרן„. ־ונג. ־ער.
אָנפּייקלען — אוטוו. ־קל אָן, ~געפּײַקלט.
-

אָנפּויקן (←) אויף אַ קליין פּײַקל.
אָנפּילדערן — אַקוזוו ־ער אָן, ~געפּילדערט.
.
אָנמאַכן אַ סך טומל, געפּילדער. “אַז זיי קומען זיך צונויף, פּילדערן זיי אָן אַ פֿולן קאָפּ„.
אויך מיט ז י ך — „שוין גענוג זיך אָנגעפּילדערט„. וּנג. ־ניש.
אָנפּילעווען — טרוו. ־לעווע אָן, ~געפּילעוועט.
אוקר. אָנקעכלען, אַכטונג געבֿן און שטעלן אויף די פֿיס אַ שוואַכן, אַ קראַנקן. אָ, די אויסגעמאָגערטע קינדער.
אָנפּינדזלען — ← אָנפּענדזלען.
אָנפּינטלען — ־טל אָן, ~געפּינטלט. אוטוו —
1. שטעלן אַ סך פּינט(ע)לעך. 2. אָנווינקען. אָ, מיטן אויג אויפֿן פֿרעמדן וואָס איז אַרײַן.
טרוו — 1. שטעלן נקודות (אויך אוטוו). אָ, (אונטער) דעם צווייטן יוד אין ייִדיש, ייִנגל.
2. מיט שטעלן פּינטעלעך עפּעס אויסדריקן. אָ, אָנצוהערעניש. „אין מאַנכע שטעלן פֿון אירע בריוועלעך פֿלעגט זי שטאַרק אָ"“, אַר, 'די תּשובֿה'. 3. אָנשרײַבן אומווערטיקס, אָנפּאַטשקען. אָ אַ מאַכערײַקע. „אי [ער] האָט אָנ,
געפּינטלט, אי די רעדאַקציע איז געבליבן אָן

אַ זײַט“, כ. דונעץ, שטערן, מינסק 4 1929, No.
־עניש.

אָנפּיסקלען — טרוו. ־קל אָן, ־.,געפּיסקלט.
אָנרעדן. אַ, רכילותלעך. אויך מיט ז י ך —
זיך אָנבלאָזן. אָ, זיך ווי אָן אויפֿגעקומענע
גבֿירטע.

אָנפּיסקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ,
געפּיסקעוועט. אָנשרײַען. אָנרעדן אַ סך און הוך.
אָנזידלען. אָ, עמעצן. אָ, די נאַרישע טענות.
אויך מיט ז י ך.

אָנפּען — טרוו. פּיִע אָן, ~געסיִעט. סל
אָנשיכּורן. אָנטרינקען. אָ, דעם גוי.

אָנפּיערגען — טרוו. ־גע אָן, ~געפּיערגעט.
פּד שלעכט, אויבנאויפֿיק כלומשרט אָנוואַשן.
אָ, די סקאַרפּעטקעס, מע זאָל זיי ניט קענען
אָנטאָן.

אָנפּ()עשטשען — טרוו ־שטשע אָן, ~
געפּ(י)עשטשעט. אָנצערטלען. פֿאַרציִען.
אָנבאַלעווען. אָ, אַ קינד. אָ, און אינגאַנצן
צעפּיעשטשען. מיט ז י ך — זיך אָ, פֿאַרן מאַן,
־עניש.

אָנפּיפּען — טרוו ־פֿע אָן, ~געפּיפּעט.

אָנ

פ 􏰀 פֿקען. אָנרייכערן. „צוגעטראָגן דעם רבין פֿײַער און געלאָזט זיך אָ, פֿולע אויגן רויך,,,
יוז, יאָשע קאַלב.

אָנפּיפּקען

אָנפּיפּקען — טרוו. ־קע אָן, ~געפּיפּקעט.
1. אָנצינדן אַ פּיפּקע. 2. אָנלאָזן אַ סך רויך פֿון אַ פּיפּקע, אַ ליולקע ־עניש.

.

אָנפּיצלען — טרוו. ־צל אָן, ~געפּיצלט.
אָנבּרעכן, אָנבּרעקלען, אָנשנײַדן, אין קליינע שטיקלעך. אָ, דאָס בּרויט פֿאַר אַזוי פֿיל מײַלכעלעך. ־עניש.
אָנפּיקלען — טרוו. פּיקל אָן, ~געפּיקלט. פּפֿ:
􏰀 ..„פּעקלען. אײַנלייגן מיט זאַלץ, געווירצן, לאָרבּערבּלעטער צו האַלטן אַ לענגערע צײַט. אָ, פֿאַרשיידענע מינים פֿליישן. אָ, אוגערקעס.
אָנפּיקן — טרוו. פּיק אָן, ~געפּיקט. 1. אָנבּײַסן מיטן שנאָבּל (בּײַ אַ פֿויגל) אָדער מיטן מויל (בּײַ אַ פֿיש). „דאָס טײַבּעלע האָט אָנגעפּיקט דאָס שטיקל בּרויט און איז אַוועקגעפֿלויגן“. „דער העכט 􏰀 .. מוז מעכאַניש אָ, יעדע

גלאַנציקע זאַך,,, נס, די משפּחה מאַשבּער II.
2. אַ קלאַפּ טאָן מיטן שנאָבל. ״דאָס פֿייגעלע פֿיקט אָן אין פֿענצטער, וויל מע זאָל עס אַרײַנלאָזן,,. ״איבּערן טײַך שוועבּן אַרום שוואַלבּן... אָ'דיק מיט די שנאָבּלען אין דעם וואַסערדעק״, וו□.ס, אַ זומער־טאָג'.

3. (גאַליציע, בּעס) כאַפּן. דערטאַפּן. ,,אָ, דעם גנבֿ אין אַ גאָרטן,,, י. מאַניק, אין מ□.ן גלעזערנעס טורעם. אָ, די נאָז = אַ שנעל טאָן אין נאָז.

אָ, (מיט דער) נאָז = אײַנדרעמלען. 4. דזוו

אָנפֿיקעווען.
מיט ז י ך — 1. זיך אָנעסן פּיקנדיק. ,,האָבּן זיך די הינער אָנגעפּיקט מיט די קאַרשן, זיך צעשיכּורט,,, ה. קאַמענעצקי איבּז, מיט פֿעסטנ טראָט, מינסק 1936. 2. אויפֿכאַפּן, אויפֿנעמען אייבּערפֿלעכלעך אַ סכום אידייען, געדאַנקען. ,,זי האָט זיך... אָנגעפֿיקט מיט פֿאָליטישע געדאַנקען בּ□ אַ מאַטראָס״, שטערנ,

מינסק 3 1938, No
־עכץ. ־עניש.
אָנפּיקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~
געפּיקע
1. אָנשטאָפּן אַ סך אין אַ באַשרענקטן ווער.
אָרט. אָ, דעם אַלמער מיט ספָרים און
ספָרימלעך. אָ, דעם קאָמאָד מיט וועש. אָ, דעם
קוילעטש מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען. „
איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון געווער און פֿלאַנצן, אַזוי
פֿיל וויפֿל עס האָט זיך געלאָזט אָ, אויף אַזאַ
קליינעם שטח“, סעג, מײַנע זיבן יאָר אין ת“אָ
2. געדיכט אָנפֿילן מיט איין מין (לייען־)
מאַטער אַל. אָ, דעם זשורנאַל מיט פּאָעזיע. אָ,
י
אַן אָוונט מיט צו פֿיל רעדעס. “וואָס מער מע
ווערט אָ, ציפֿערן, ווערט מען אַלץ ווייניקער וויסן
וואָס דאָרט טוט זיך“, ייִאָל, 9 1890, No. “דאָס
געפֿיל... פֿאַרהיט אים פֿון אָ, צו פֿיל
אינטערנאַציאָנאַליזמען אין איין זאַץ“, ים, ייִשפּ , 1.
אָ, די דרשה מיט אַנעקדאָטן.
אַנפּי'ר — דער, ־ן. אונגיי. הילצערנע כלי
אַר פֿליסיקייטן. „אַ הילצערנע כלי וואָס איז

-

מיט אײַזערנע רייפֿן, דהײַנו: אַן אַ', אַ קאַן, אַ קענדל אָדער אַ קײַלעכל אויף בראָנפֿן — דאַרף מען טובֿלען אָן אַ ברכה", ספֿר מקור הברכה II, מונקאַטש תּרנ"ה, נב/א.

1

אָנפּישטשען — אוטוו ־שטשע אָן, ~ גע.
פּישטשעט. אַ סך פּישטשען. אָ, ווי אַ קראַנק עופֿעלע, ווי אַ פֿייגעלע.
אָנפּישן — פּיש אָן, ~געפּישט. טרוו — (אומאיידל) אַ סך פּישן. אָ, אַ פֿולן נאַכטטאָפּ. אוטוו — נאַס מאַכן. באַנעצן דורך פּישן. דאָס קינד האָט אָנגעפּישט אין דיווינדעלעך *אָ, אין די הויזן = (גראָבֿ) זיך דערשרעקן. פּיש אים אָן אין אויער (אוי) = (גראָבֿ) לאַך זיך אויס פֿון אים.
אָנסלאָגן זיך — אוטוו. פלאָג זיך אָן, זיך , געפּלאָגט. זיך אָנלײַדן. זיך אָנמאַטערן. „און דער אָרעמער האָט זיך גוט אָנגעפּלאָגט„, ,אוהל

יעקבֿ,, צוגעדרוקט צו צור, נ,,י תּרע"ג. ,,ער
האָט היינט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן און האָט
זיך אַזוי פֿיל אָנגעפֿלאָגט", מ. מ אויזערקיס,
בילדער אויס פֿערשיעדענע יודישע שיכטען,
פּאָדהייצע 1908 ־עניש.

.

אָנפּלאָד(י)ען

— טרוו. ־ד ע ז, ~

פּלאָדזיי)ע אָן, ~געפּלאָ.־

ד(י)עט פּפּ: ~פּלאָדז(ש

ען. 1. (ווען בעלי־חיים) אָנהאָבן אַ סך
יונגע. אָ, אַ הויף מיט הינער. די קאַץ האָט אויף
איין מאָל אָנגעפּלאָדזעט פֿינף קעצעלעך. לאָזן
מיסט אין הויף און אָ, אַ סך שרצים.

2. ווען מענטשן, מיט ביטול אָנקינדלען.

,,וואָס טויג אַ יד, ווען ער פֿלאָדזיעט ניט אָן
אַ האַלב טוץ קבצנים", פּ. א. ר., ליבע בלייבט
ליב, וואַרשע 1879. "דאָס ווייב פֿלאָדעט אַ
זעצל קינדער אָן", ממוס, שירה. ,,איבער אים
האָט אַ יידענע אָנגעפֿלאָדיעט אַ וועלט מיט
ממזרים,,, חג, צמח אַטלאס I. ,,איך האָב
פּרובירט אַוועקזאָגן המנס אַלע צען קינדער — דער
שוואַרציאָר האָט אים געריסן אָנצופּלאָדענען אַזאַ

טך בנים“, ווינטש I. „נעמען אַ ווייַב: אַ גיהנום זיך בויען... און אָ, קינדער — אַ שבֿט פֿון שׂונאים“, הר, אונטער גאָטס הימלען. „דו שלעפֿער דו, נאָך קינדער ווילסטו אָנפּלאָדזען אויף מײַן קאָפּ?“, יר I.

3. מאַכן עס זאָל זײַן אַ סך. אָ, גרײַזן. אָ, שווערקייטן. “וואָס האָט ער [קאָלומבוס] דאָרטן אַראָפּגעבראַכט מענטשן, זיי פֿאַרגעשטעלט גליקן, אָנגעפּלאָדזשעט אַ וועלט מיט שנײַדערס“, ח. א. יאכנוק אויס ביאַליסטאָק, אין אַמעריקע, וואַרשע 1894.

4▯ אײַננאַדזיען בײַ זיך. אָ, הינט און קעץ. אָ, שלעק מיט כאָלערעס.

מיט ז י ך — ווערן אין אַ גרויסער צאָל. “אַזוי פֿיל מענטשן האָבן זיך אָנגעפֿלאָדעט אויף דער וועלט!“. „דאָרט וואו עס פֿלאָדזען זיך אָן הולטײַעס פּלאָדזען זיך אָן פֿיל קריוודעס“, מס, משלי תּקע“ד, כט, 16. “אַמאָל האָט אַ פֿאָרטוגאַלער אַהין [אויפֿן אינדזל] געבראַכט אַכט ציגן און פֿון זיי האָט זיך אָנגעפֿלאָדעט זייער פֿיל“, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פּענח, באַרדיטשעוו 1817. „וואו האָט איר זיך אָנגעפּלאָדיעט? טיטשקעווײַז, גאַנצע מחנות שלעפּן זיך אַרום איבער דער שטאָט...“, סאָוו, היימלאַנד,

.No '19▯5 4

־עכ▯ן. ־עניש. ־ערײַ.

אָנפּלוטעווען

אָנפלאָמבירן — טרוו ־ביר אָן, ▯.,,(גע) פּלאָמ▯

בירט. 1. אָנפּילן מיט אַ פּלאָמבע. אָ, ציינער.
2. אָנהענגען, אָנטשעפּען אַ פלאָמבע. אָ, די וואַגאָנען, די פאַרקלאַפּטע קעסטלעך ־ונג.
־
.

אָנפלאָנטען — טרוו. ־טע אָן, ~געפלאָנטעט.
דזוו אָנפלאָנטערן. "און גאָט האָט זיי געהאָלפן אַליין אָ, גאָר אַ נישקשהדיקן ראָמאַן", ש, וואָלצאָנאָק, דער קאיידאַנער עלוי, וואַרשע 1913.
מיט ז י ך. ־עניש.

אָנפלאָנטערן — טרוו ־ער אָן, ~ געפּלאָנ.

טערט. 1. אָנמאַכן אַ פּלאָנטער. אָ, פּעדעם.
אָ, וואָלוועלע שמאַטעס מיט טײַערע סחורה.
2. אָנמאַכן פאַרדרייעניש. ,,אויפּפּלאָנטערן די ליגנס, וואָס דאָס אָוונטצײַטונג האָט אָנגעפלאָנטערט", זש, טמז, 1967 ▯י 28.
מיט ז י ך — אָ, זיך ווי אין אַ חלום. ,,

רכילות האָבּן זיך אָנגעפֿלאָנטערט אַרום אים (איר)“.
,,וואָס אַ נאַר קאָן זיך אָ, אין חלום, וועט זיך
צו דעם אַ קלוגער ניט דערטראַכטן,,, לייזער
קאַצאָוויטש, הומאָרעסקעס, מינסק 1933. ־ונג.
־ניש. ־ער.
אויך: ~פלאָנטרעווען — מיט בּײַטעם
פֿון שווערן פלאָנטער.
אָנפלאַניק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
פֿלאַן. אַן אָ'ע אונטערנעמונג. ־יקייט.
אָנפלאַ'נעווע — אַדי. סאָוו. וואָס האָט ניט
קיין פֿלאַן, וואָס איז ניט געפֿלאַנירט. “בּײַ
אונדז איז די פֿאָלקווירטשאַפֿט אַ פלאַנעווע און
בּײַ זיי איז ז אַן אָ‘“, יע. גוטמאַן איבּז, דער
י
אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזים, אַדעס
.1932
אָנפלאַסטערן — טרוו. ־ער אָן, ~
געפלאַסטערט. אַרויפֿלייגן אַ פלאַסטער. אָ, טינק
אויף אַ וואַנט. אָ, דעם שאָסיי. אָ, די וואונד.
־דנ .
אָנפלאַפלען — טרוו ־פל אָן, ~געפלאַפלט.

1. אָנרעדן נאַרישקייטן, ניט־וויכטיקע, שלעכט
פֿאַרשטאַנענע רייד. אָ, שטותרײַען. ,,אָ, —

מיט חשק, אָבער אַרבעטן — לא״. ״מע האָט דיר אָנגעפּלאַפּלט און דו האָרכסט זיך צו״. אָ, אַ פֿולן קאָפּ. 2. אָנדערציילן אויף עמעצן וואָס מע דאַרף ניט. אויסזאָגן סודות. האָבן אַ לויזע מויל און אָ'. ״זי האָט אָנגעפּלאַפּלט א ו י ף מיר, אַז איך זידל זי מיט פֿאַרשיידענע מיאוסע ווערטער״, ש גאָדינער איבז, קאָסטיע ריאַבצעווס טאָגבוך, מאָסקווע 1928.

אויך מיט ז י ך — זיך אָ, ביים טרינקען טי .

־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, —קע). ־ערײַ.

אָנפּלאַצן — טרוו. פּלאַץ אָן, ~געפּלאַצט. אַ ביסל אײַנפּלאַצן. ״דאָס גלעזל פֿון לעמפּל האָט אָנגעפֿלאַצט„.

אָנפּלאַצענטאַ'ר — אַדי. וואָס איז אָן אַ פּלאַצענטאַ, אַ נאָכגעבורט. אָ'ע בעלי־חיים.

אָנסלאַקירן — טרוו. ־קיר אָן, ~(גע)פּלאַקירט. אָנלייגן אַ טײַערן מעטאַל אויף אַ ווערלווערן. אָ, גאָלד אויף קופּער.

אָנפּלוטעווען — אוטוו. ־טעווע אָן, ~ געפֿלוטעוועט. אָנשווינדלען, אָנבלאָפֿן אָן אַ כּוונה.

אָנפּלוידערן

אָנפּלאָנטער▯ פֿאַרדרייען בײַ אַ משׂא־ומתן.
,,ער איז אַ מנחם־מענדל און בטבֿע מוז ער אָ',,..
אָנפּלוידערן — טרוו ־ער אָן, ~געפּלוידערט.

.

דזוו אָנפּלאַפּלען (נאָר כלומרשט איידעלער אָדער
שטרענגער איבערן דטשמ בײַטעם). ,,,...
אַרויסצוכאַפּן ערגעץ אָ מדרשל, ווער שמועסט אַ
שטיקל מכילתּא און דערויף אָנצופֿלוידערן גאָט
ווייס וואָס“, קמ, 1866, No 10. ,,נו, האָט ער
אָנגעפּלוידערט, איז דאָס אַ צוצעלע,,, ע.
בלאָשטיין, שפּרינצע די פּקחית.
מיט ז י ך — ,,אָ, זיך און מיט דער
אייגענער סלינע פֿאַרזופּן,,, ייִז, וואַלד,. ־ניש.
־ערײַ.
אָנפּלוישן — טרוו. פּלויש אָן, ~געפֿלוישט.
1. דזוו אָנפּלוידערן. ,,ווען דער בירבערײַער־
געזעלן פֿלעגט קומען, פֿלעגט ער אונדז אויף
דײַטש אָ אַ פֿולן קאָפּ,,, ימברע, שפּרי▯צע

,

מירל..., בוקאַרעשט 1878. ,,ווער ווייסט וואָס
דער שאָרק האָט דאָרט אָנגעפּלוישט אין מײַנעם
נאָמען“, י▯)ראָל אָרנשטיין, רעיונות י▯ראל,

אַס 1893. ,,... זיי לאַכן בײַם אָ, איין בלאָף
י

גרעסער פֿאַרן צווייטן וועגן ישׂראל,,, שטריגלער,
איק, 26 □ 1968 II.

2. אָנבלאָזן. אָ, אַ באַלאָן, אַ פּענכער. 3. דזוו
אָנפּוישן. אויך מיט ז י ך — זיך אָ, אַ בויך.
□עכ□ן. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

□ לומפּ(ע)ן□ אויך: □..,פּלומפּעווען.
אנפּלומפּלען — טרוו ־פּל אָן, □י.,געפּלומפּלט.
□

פּפֿ: □י.,□
דזוו אָנפּאָמפּ(ע)ן ←. ,,האָט אָנגעפּלומפּעוועט
אַן עמער וואַסער“, אָפּאַ, 'שלעכטס'.
אָנפּלונטערן — זאַמעט. דזוו אָנפּלאָנטערן.
אָנפּל אָטקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ~
געי
פֿליאָטקעוועט. אָנדערציילן רכילות. באַרעדן
אַ סך. אָ, פֿאָלשע זאַכן א ו י ף עמעצן.
אָנפּליאָנדרעווען — טרוו. ־דרעווע אָן, ~
געפּליאָנדרעוועט. אָנפּלאָנטערן (מיט ביטול).
,,איך האָב אָנגעמאָטלט און אָנגעפּליאָנדרעוועט
און אָנדערציילט וועגן יענע לעצטע מינוטן,,,..
י. טיגער, דער צדיק און דער בעל־תּשו□ה.

אָנפּלידן — ← אָנפּלאָד(י)ען.
אָנפּליוכען — ־כע אָן, ~געפּליוכעט. אוטוו — שטאַרק אָנרעגענען. „ס'האָט אָנגעפּליוכעט און מע קען ניט אַריבערגיין די גאַס“. אויך: דאָס קינד קען אָ, אין וויגעלע. טרוו — (גראָבלעך און גוטמוט▯ק) אָנגיסן. שטאַרק אָננעצן. "עפֿן אָקאָרשט אויף דעם שפּונט און פּליוכע מיר אָן די אמתע גלאָז זעלצערקע,,, זש, נח פּאַנדרע.
־עניש.
אָנפּליוסקען
ליושקען. אָנגיסן מיט
— אוטוו ▯ טרוו ־קע אָן, ,׳.,
גע.
פּליוסקעט. פּפֿ: ▯,פּ
אַ קלאַנג וואָס דערמאָנט פּלס־פּלס. אָ אָן עמער
,
וואַסער אויף די פּאַרבלאָטיקטע שטיוול. "זיך שפּילנדיק אין וואַנעלע, האָט דאָס קינד אָנגעפּליושקעט אויפֿן דיל,,.
מיט ז י ך — בײַם באָדן זיך. ־עניש.
אָנפּלינדערן ▯־־־ טרוו. ־ער אָן, ~געפּלינדערט. (סיסטעמאַטיש) אָנרויבן. „די פּאָלאַקן האָבן אין דער צײַט פֿון דער דײַטשישער אָקופּאַציע

נוג אָנגעפּלינדערט ייִדיש האָב־און־גוטס,,.
—ונג.
אָנסלינען — אוטוו & טרוו. ־נע אָן, ~
געפּלינעט. אוקר. אָנשפּײַען, אָ, אויף עמעצן. אָ, זײַן פּאַרצע.
אָנפּל(י)עטשען אָן, ~
געלעשטשען
.1 .
אָנ— טרוו ־טשע
.
פּל(י)עטשעט. פּפֿ: ~פּ
פּלאַפּלען. אָנליגנערן. 2. אָנפּלאָנטערן. ,,וואָס האָסטו אָנגעפּליעטשעט?“.
מיט ז י ך — ,,סאַראַ געמיש פֿון פֿאָלקלאָר און מדרש האָט זיך מיר אָנגעפּליעצעט,,, ש. סײמאָן, צווײגן.
אָנפּליעסקען — ־קע אָן, י.,געפּליעסקעט.
1. דזוו אָנפּליוסקען. 2. אוטוו — שטאַרק פּאַטשן מיט די הענט ווי אַן אויסדרוק פֿון צופֿרידנקייט. אָ, פֿון התפּעלות. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָנפּלעטן — טרוו. פּלעט אָן, ~געפּלעט.
1. פּלעטן אַ גרויסן סכום. „במשך פֿון טאָג האָט ער אָנגעפּלעט טוצן העמדער". 2. פֿון אויבן, לײַכט, אַ ביסל צופּרעסן. אַ פּלעט טאָן. "מע דאַרף נאָך אָ, דעם קאָלנער און דער בגד איז פּאַרטיק". ־עכ ן ־עניש.
— . .
אָנפּלענערדיק — אַדי. וואָס איז אָן פּלענער. אַן אָ, פּאַרטאַכלעווען געלט ־יקייט.
— .
אַנפּלעקן — אַרכ. ← אַנטפּלעקן. אַפּדעקן. „ווער וויל אימשׂ אַ', איך וויל דיך גאָר וואַל צו דעקן אונטר דעם זאנד", ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686, כז/ב. מ , יג/א, פּאַרטײַטשט ,גלוי, — „אַנפּלעקט"..
אָנפּלעקן — טרוו. פּלעק אָן, ~געפּלעקט. אַרכ. Mhd: a]־]I e ken. אָנבלעק(ע)ן. אָנהייבן מוקען ווי אַ קו, בלעקען ווי אַ שעפּס. „אײַלן שפּיגעל אבער שפּערט ווידר זײַן מויל גראָס אויף אונ, פּלעגט דיא לײַט מיט די צונגי אַן", „איינע וואונדערבאַהרע געשיכטע פֿון אײַלען שפּיגעל", ברעסלוי [אַווע III].
אָנפּלעשטשען — טרוו. ־שטשע אָן, ~

געפּלעשטשעט. אָנפּלאַפּלען. אָנפּלוידערן, אָנבאָלבען. „צי עס איז ריכטיק, וואָס מע פּלעשטשעט אָן אויפֿן דאָרף„, אי. קיפּניס איבּז, שמייכלען, כאַרקאָוו 1929.

אָנפּלפּ(ּ)ל(ע)ן — [... פּילפּלען] טרוו. פּלפּ(ו)ל אָן, ~געפּלפּ(ו)לט. פּלפּלען (זיך) אָ סו. ← אויספּלפּ(ו)ל(ע)ן, 308. אויך מיט ז י ו.

אָנפּניIהדיק — [... פּנִי־יעדיק] אַדי. וואָס איז אָן אַ פּניה. געוויינלעך: ,פּניותדיק — וואָס איז אָן פּניות, אָן אַ זײַטיקן מיין, אָן אַ הינטערגעדאַנק. אַ פֿרײַנד אַן אמתער, אָן אויפֿריכטיקער, אַן אָ'ותדיקער. אַן אָ'ותדיקע אָפּשאַצונג. אויפֿן אָ'ותדיקן משפּט. מיט אַן אָ'ותדיקן געשמאַק. „מיט דער אָ'ותדיקער איבערגעגעבנקייט דעם פֿאָלק און זײַנע אינטערעסן“, נ. בּ. מינקאָוו ייִבל XX, 241. ־יקייט.

אָנפּנימדיק — [... פּאָנימ...] אַדי. וואָס איז אָן אַ (האָט ניט קיין) פּנים. „. . בּאַשאַפֿער, וואָס האָט זיך אַליין אַרײַנגעגאָסן אין אָ'ן

פּנים פֿון ליים,,, יעקבֿ פֿיכמאַן, ליבּשאַפֿט.
־יקייט.

אָנפּנימען — [... פּאָנימען, פּענימען, פּײנימען] טרוו. פּנים אָן, ~געפּנימט. 1. אָנקוקן, באַשויען. ,,מע זאָגט... ער איז געקומען אָ, גאָלדעלען,,, ש. בערנשטיין, ר, יאָכצי דל גאה, קעשענעוו 1884. 2. שאַרף אָנקוקן. באַקוקן מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן.

אָנפּסולתדיק — [... פּסוילעס...] אַדי. וואָס איז אָן פּסולת, אָן אָפּפֿאַל. אָן שום בראַק, אָ'ע סחורות. אָ'ע ערלעכקייט. ־יקייט.

אָנפּסלען — [... פּאַסלען] טרוו. פּסל אָן, ~ געפּסלט. פּסלען אַ סך זאַכן. אָ, אַפּיקורסישע ביכער. אָ, בשׂר־חוץ.

אָנפּסקענען — [... פּאַסקענען] טרוו. פּסקן, פּסקע אָן; □ ..,געפּסקנט, ~געפּסקעט. פּסקענען אַ סך מאָל וועגן פֿאַרשיידנס (איר בײטעם). אָ, אַז אַלע צדדים זײנען גערעכט. אָ, אַזוינס וואָס מע קען ניט דורכפֿירן.

אָנפּעטשאַטעווען — טרוו. ־טעווע אָן, ~ געפּעטשאַטעוועט. סל. 1. אָנשטעמפּלען, אַרויפֿלייגן אַ שטעמפּל. אָ, די קאָנווערטן. 2. אָנדרוקן. אָ, לי(ע)טושקעס. 3. אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש. געבן אַ קלאַפּ. ,,די רעוואָלוציע איז אין

סכּנה און דו זשאַלעוועסט גאָר די האָר? איך וועל דיר אָ, אַזאָ פּלאָמבע,,, ה. קאָזאַקעוויטש איבּז, מיר אַליין, קיִעוו 1927.

אָנפּעטשלען — טרוו ־טשל אָן, ~ געפּע.

טשלט. אָנפּאַטשן מיט קליינע פּעטשעלעד (אָן בייזקייט אָדער גוטמוטיק). אָ, די פּוכקע בּעקעלעך.

אָנפּעיען — ← אָנפּאָיען.

אָנפּעכן — טרוו. פּעך אָן, ~געפּעכט.

אָנשמירן מיט פּעך. ,,מע דאַרף אָ, דעם דאַך, עס זאָל ניט אַרײַנרעגענען“.

אָנפּעכנען — דזוו אָנפּוכנען ←.

אָנפּע ן

— טרוו. פּ . אָנטאָן אין פּעלצן אָדער

ל

לצ לץ אָן, ~געפּעלצט. אויך: ~פּע צעווען.

סתּם אין שווערע וואַרעמע בגדים. אָ, די קינדער איידער מע גייט מיט זיי אַרויס אין אַזאַ פֿראָסט. ,,וואָס ווייניקער דו וועסט אויף זיך אָ, אַלץ וואַרעמער וועט זײַן,,, שטערנ, מינסק 7 1940' No־8. 2. אונטערשלאָגן מיט פֿעלץ.

אָ, אויף ווינטער די קינדערשע מאַנטעלעך

3. פֿיג. טאָן עפּעס וואָס דערמאָנט אין אָנטאָן
אַ פּעלץ, אין אײַנוויקלען. „דערווינטער האָט
אָנגעפּעלצט ווילנע מיט אַ דיקן, פּוכיקן שניי„,
א קאַרפּינאָוויטש, בײַס ווילנער דורכהויף.
„קומט דער מאָסקאָוויטער, שוין פֿאַרפּאַקט אין
קעשענע וואָלין און ליטע, איצט גייט ער אויף
פּוילן אָ, זײַן היטל„, מבֿאָ, דער גייער.
מיט ז י ך — "דאַרף מען ווינטער טראָגן
לײַכטע וואַרעמע קליידער נענטער צום לײַב און
ניט אָ, זיך מיט שווערע בגדים פֿון אויבן",
דר, מ. גאָטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגיענ ן,
וואַרשע 1908. „אַז קינדער זײַנען זיך געגאַנגען
גליטשן, האָבן זיי זיך אויך געדאַרפֿט אָ' אפּא,
טמז, 1 1964 II. ־ונג. ־עניש.

אָנפּענדזלען

אָנפּענדזלען — טרוו. ־דזל אָן, ~געפּענדזלט.
1. אָנשמירן מיט אַ פּענדזל. אָ, אַ וואונד מיט
יאָד. אָ, די פֿלעקן. 2. אויף גיך, שלעכט
עפּעס אָנמאָלן. אָ, אַ לאַנדשאַפֿט. אויך מיט
ז י ך. ־עניש.
אָנפּענטען — טרוו. פּענטע אָן, ~געפּענטעט.
1. אַרויפֿלייגן פּענטעס אויף די פֿיס. אָנבינדן.

אָ, די פֿערד. 2. אָנשנאָרן, אָנקלײַבן נדבֿות.
אָ, שטיקלעך ברויט אָ, גראָשנס.
אָנפּענען — טרוו ־נע אָן, ..,געפֿענעט. 1. מאַכן
.
עס זאָל ווערן אַ שוים. אָ, די ווײַסלעך. 2. מאַכן
עס זאָל ווערן שוים אויף די ליפּן.
אַרײַנברענגען אין כּעס. „רייץ זיך ניט מיט אים, וועסט
אים אָ', וועט ער זיך וואַרפֿן שלאָגן,,.
אָנפּע'נעצלען — טרוו ־צל אָן, ~געפּענעצלט.
.
אָנשנײַדן קליינע פֿענעצלעך. אָ, שוואַרצברויט,
אָנשמירן פֿוטער און אַרויפֿלייגן קעז.
אָנפּעסטן — טרוו. פּעסט אָן, ~געפּעסט
[־עט — נר]. אָנמאַכן אַ געשטאַנק.
אַרײַנברענגען עפּעס אָפּשטויסנדיקס. אָ, די שטוב
מיט מאַכאָרקע. אָ אַן אָרט מיט פֿאַרלײַזיקטע
,

בּדואים.
אָנפּעסטען — ← אָנפֿיעשטשען.
אָנסעקלען 1 — טרוו ־קל אָן, .־,געפּעקלט.
.
אָנלייגן אַ סך פּעקלעך. אָ, דעם בוידעם מיט

ראַמש.
אָנפּעקלען 11 — ← אָנפּיקלען.
אָנפּערזאָניק — אַדי. אומפּערזענלעך. וואָס

איז ניט פֿאַרבונדן מיט אַ (קאָנקרעטער) פּערזאָן,
מיט אַ יחיד. אָ'ער פֿלי אין רוים, נאָר מיט
מאַשינען ־יקייט — אָ,־סיסטעם.
מעכאַ.
ניזירן און אַרײַנברענגען אָ'.
אַנפּערן — טרוו. אַרכ. Mhd: e ̄b n.
אויסמײַדן. דורכלאָזן. מוותּר זײַן אויף עפּעס.
„איך וויל צו דוד רײַטן, איך קאַן עשׂ ניט אַ„„
שמואל־בוך, סטראָ ע 994. פֿרגל: אָנטבערן.
אָנפּערען — ← אויספּערען, אוטוו, 309. „אין
ווײַטסטן קאָרידאָר איז פֿול, איז אָנגעפּערעט.
עס ליגן קעפּ אויף קעפּ“, ע. פֿינינבערג, די
קריגן דויערן.

אָנפּערסומירן — ← אָנפּאַרפֿומירן.

אַנפּע'ש — זוו. לאַקל (לאָדזש). ־em:□□ □.

her□][. ס'איז מײַן שולד. זײַט מוחל. איך קען ניט אַנדערש. "אַ', איך האָב אַזוי געזאָגט, אַזוי געטאָן, טאָ זאָל מיר געשען וואָס עס וועט געשען,,..

אָנפּראַ אָדמען — [... פּערעאָ'דעמען] אוטוו

-

& טרוו. איצ, אימפּ נב; ~געפּרא־אָדמט. נעאָל. אָפּטאָן אַ סך ווילדקייטן, נאַרישקייטן. זיך אויפֿפֿירן ווי אַ פּרא־אָדם. אָ'־אָ, איבעריקע צרות. "מיט דער דאָזיקער רייניקונג האָט מען אַ סך אָנגעפּרא־אָדמט", גאַדינעך איבז, צעמענט, מאָסקווע 1927.

אָנפּראָבירן — טרוו ־ביר אָן, □י,(גע)

פּראָ□

בירט. פּפֿ: ~פּרובירן. אָנפּאַסן. אָנמעסטן. ,,זײַנען געקומען פֿרויען אָ', מע זאָל נעמען פֿון זיי די מאָט אויף קליידער". אָ אַ קאָסטיום,

,

אַ ווינטערמאַנטל אאַזוו ־ונג ־עכ ן.

.

־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

אָנפּראַגנען זיך — אוטוו. ־נע זיך אָן, זיך ~געפּראַגנעט. אוקר פֿאַרגלוסטן זיך. „וואָס

.

האָט זיך דיר אָנגעפֿראַגנעט הײַנט?“

אָנפּראָדוצירן — טרוו ־ציר אָן, ~(גע) פּראָדוצירט. פֿראָדוצירן אַ סך, מער ווי נייטיק. אָ, סחורות וואָס עס איז ניטאָ קיין אָפּזאָץ פֿאַר זיי. ־דנג.

אָנפּראַוועןן — ־ווע אָן, ~געפּראַוועט. טרוו —
1. צוגרייטן אַ סך. אָ, כלערליי פּאָטראַוועס.
2. ריכטיק, גענוי צופּאַסן, צוריכטן. אָ, די מאַשין. אָ, עלעקטרישע דראָטן. אָ אַ נײַעם

,

אָנלען צום שטול. 3. טאָן עפּעס וואָס איז ניט־גוט. אָ, עוולות. אָ, צרות. אָ, מיאוסע שטיק. “איך ווייס אַז ער איז ניט שולדיק, אַז מע האָט אויף אים אָנגעפֿראַוועט רכילות“. ה. קאַמע[עצקי איבן, דער מענטש בײַט די הויט, מינסק 193.

אוטוו — אָנאַרבעטן מעשׂים. אָנמאַכן אַ טומל, אַ גערודער. "ער האָט אַזוי פֿיל אָנגעפּראַוועט ביז ער האָט זײַנס דערגרייכט".

אָנפּראַזשען — טרוו ־זשע אָן, ~ געפּראַ.

זשעט. 1 ▯ אָנפּרעגלען. אָנבראָטן, אָנברענען (אויף קוילן). אָ, לעבער. 2. אָנוואַרעמען, אָנהיצן (אָן פֿײַער). אָ, געקעכטס אין אַ הייסן אויוון. אָ אַ פֿול טעפּל קערעלעך.

,

אָנפּראַטען — טרוו. ־טע אָן, ▯ ,געפּראַטעט. אָנזאַמלען, אָנקלײַבן. אָ אַ פֿאַרמעגן.

,

אָנפּראַטשען — טרוו ־טשע אָן, ~ געפּראַטשעט. אַ ביסל אויסקלאַפּן. אָ, וועש מיט אַ פּראַלניק.

אָנפּראַל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנפּראַלן. שטורעמדיקער, מעכטיקער, דויערדיקער אָנפֿאַל, אַטאַק, דרוק. שטויס. אָ, פֿון פֿײַנדלעכע מחנות. "איז דער אָ, פֿון די גערמאַנער געוואָרן נאָך שטאַרקער", מוו איבז, וויפּער,... מיטלעלטער. ,,דער ייִדישער מינדערהייט איז שווער צו באַגעגענען דעם שטענדיקן אָ, פֿון קריסטלעכער יום־טובֿדיקייט", ש.

מאַרגאָשעס, טאָג, 1955. ,,האָבן די דאָזיקע דאַמבּעס... אַרויסגעוויזן אַן איַינגעשפּאַרטן ווידערשטאַנד דעם שרעקלעכן אָ, פֿון גרויזאַמען אָקעאַן,,, זר איבֿז, פֿאַר פֿרײַהייט און רעכט.

אָנפּראַלן — אוטוו. פּראַל אָן, □..,געפּראַלט.

1. פּלוצעם אָנפֿאַלן, אָנשטויסן. אָנקלאַפּן מיט אַ גרויסן כּוח, מיט אַ שטאַרקן הילך. ,,וו אַ

י

קויל פֿון אַן אַלט־צײַטיקן האַרמאַט האָט דער שטיין אָנגעפּראַלט אין דעם הילכיקן פֿראָנט פֿון □אַס“, זש, נח פּאנדרע. 2. אָנקומען,

-

דערגרייכן, דערשלאָגן זיך. אָ, צום שׂררה אָליין.

־ונ□.

אָנפּראָלן זיך — אוטוו. פּראָל זיך אָן, זיך □...,געפּראָלט. (קורלאַנד, זאַמעט). אָנבּאַרימען זיך, זיך אַרויסשטעלן גרויס (און נאַריש). אָ, זיך מיט ווילדע שטיק.

אָנפּראָפּן — טרוו. פּראָפּ אָן, ~געפּראָפּט.

אָנפֿילן, אָנשטאָפּן וויפֿל נאָר עס לאָזט זיך.

אָנפּרוזשינעווען

אָנפֿוישן. אָ, די בויד מיט פֿאַרשוינען. אָ, אַ
זאַק מיט בעטגעוואַנט. אָ, די טעקע מיט
כלערליי פֿאַפּירן. „רבנים, דרשנים וואָס האָבן
אָנגעפּראָפּט זייערע דרשות מיט טרוקענעם
תּלמודישן פּלפּול„, ימ איבז, שד II ▯.
אָנפּראָפּקעווען — דזוו אָנקאָרקעווען ←.
אָנפּראַצעווען — טרוו ־צעווע אָן, ~
געפּראַ.
צעוועט. אָנפֿאַרדינען מיט שווערער פּראַצע.
אָ, דאָס שטיקל ברויט פֿאַרן הויזגעזינט. „קוקט
אָן, הייליקע אָבֿות, ווי אײַערע קינדער שטייען
אַרום נאַקעט. מע פֿאַרטרײַבט אונדז פֿון אײַער
פֿאַרמעגן וואָס איר האָט אָנגעפּראַצעוועט“,
לייב פּימסענשטיין, דיא צוואָה, לעמבערג 1894.
אָפּט מיט ז י ך — זיך אָנהאָרעווען. שווער
אַרבעטן במשך פֿון אַ לענגערער צײַט. „גענוג
זיך אָנגעפּראַצעוועט אַ לעבן־לאַנג„.
אָנפּראָצענטיק — אַדי. וואָס איז אָן
פּראָצענט. וואָס אויף דעם דאַרף מען קיין פּראָצענטן
ניט צאָלן. וואָס טראָגט ניט קיין פּראָצענטן.
אָ'ע הלוואָה. ־יקייט.
אָנפּראָצעסירן זיך — אוטוו ־סיר זיך אָן,
.

זיך ~(גע)פּראָצעסירט. אַ לענגערע צײַט פֿירן פּראָצעסן. פּראָצעסירן זיך מיט אַ צאָל. זיך אַרומשלעפּן איבער די סודן און זיך אָ'.

אָנפּראַקטיIצירן, ־קירן — טרוו. ־ציר, ־קיר אָן, ~געפֿראַקטיצירט, ־קירט. 1. דורכמאַכן אַ סך געניטונגען אין פּראָצעס פֿון אויסלערנען זיך. אָ, די אףוורטורע. אָ, די שווערע גימנאַסטישע קונצן. 2. האָבן אַ סך פּראַקטיק במשך פֿון אַ לענגערער צײַט. אָ, אינערלעכע מעדיצין. אָ, די שווערע אָפּעראַציע. מיט ז י ך — אָ, זיך פֿאַרן קאָנצערט. „וויבאַלד אַ מענטש פֿראַקטיצירט זיך אָן, געוואוינט זיך צו צו אַ באַשטימטער אַרבעט„, ט. בערלס, מענטשמאַשין, קיִעוו 1927. „די טעלעפֿאָניסטין אָבער וואָס האָט זיך דערינען גענוג אָנגעפּראַקטיקירט, טוט עס גאַנץ גיך“, איבז ב. זשיטקאָוו, עלעקטריע אינדערהיים, קיִעוו 1930. ־ונג.

אָנפּראָשען — טרוו. ־שע אָן, ~געפּראָשעט. אויך: ~פּאָראָשען. 1. אָנשטויבן. אָנשיטן מיט אַ פֿראָשיק, מיט שטויב, מיט פּול. אָ, די שטוב. אָ, שטויב אין די אויגן. 2. אויך אוטוו, דריטפּערזאָניק

אָנפּרובירן — ← אָנפּראָבירן.

אָנפּרוון —־־ טרוו. פּרווו אָן, ~געפּרוווט. 1. אַ

ביסל אויספּרוּוון. אָ, די נײַע מאַשין, צי זי אַרבעט טאַקע. 2. אויספֿרוּוון דורך אָנטאָן, אַרויפֿטאָן, אָנשרויפֿן, אָנלייגן אע. אָ, דעם נײַעם דזשימדזשיק, אָ, דעם פּאַרוק. 3. דזוו אָנפּראָבירן. ־אונג. ־עניש.

אָנפּרוזשינעווען — טרוו. ־נעווע אָן, ~ געפֿרוזשינעוועט. אָנציִען, אָנשטײַפֿן (ווי) אַ פּרוזשינע. אָ, אַ שפּילכל. אָ, דאָס אויטאָמאָבילכעלע זאָל ווידער לויפֿן.

מיט ז י ך — „האָט צונויפֿגעדריקט די פֿויסטן פֿון כּעס, אינגאַנצן זיך אָנגעפּרוזשינעוועט אַזש די ביינער האָבן אַ קנאַק געטאָן“, כ דונעץ איבז, דער סאָלאָוויי, מאָסקווע 1929.

אָנפּרוכנען

אָנפּרוכנען — אוטוו ־נע אָן, ~געפּרוכנעט.

.

סל. 1. וו״רן אויפֿגעלאָפֿן. ווערן ווייך, אַזוי ווי טייג. „ער האָט וואַסער אין קערפּער. די ליטקעס פּרוכנען אָן„. 2. אָנהייבן צעפֿוילט ווערן. צעשאָטן ווערן. „דער שטאַם פֿון בוים האָט אָנגעפּרוכנעט. מע קען פֿון אים קיין קלאָץ ניט מאַכן„.

אָנפּרייכן — אוטוו. פּרײַך אָן, ~געפּרײַכט.

שווער און גיך אָטעמען אַ לענגערע צײַט.
געוויינלעך מיט ז י ך — אָ, זיך נאָכן האַסטיקן
לויפֿן, בײַ דער שווערער אַרבעט. ־עניש.

.

אָנפּרייען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. פּרייעט אָן,
~געפּרייעט. פּפּ: ~פּריען. אָנשוויצן און

.

ווערן אַ ביסל אָנגעצונדן. עס פּרייעט אָן צווישן
די פֿינגער פֿון די פֿיס. עס וועט אָ, צווישן די
פֿיסלעך.

אָנפּרינדען — טרוו ־דע אָן, ...,געפּרינדעט.

.

פּפּ: ..,,פּרענדען, ~פּרינדזשען.
אָנטאָן שיינע בגדים. אויספּוצן (געוויינלעך איר)
,,נו, אַ קריגסמאַן!... אָנגעפּרינדעט דעם
העלעם“, גאָדינער איבּז, צעמענט, מאָסקווע 1927.
“אין אָט די בווי־כּבֿוד האָט מען מיך
אָנגעפּרינדעט דעם שבת אינדערפֿרי וואָס פֿאַר מײַן
בר־מצווה,,, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס
1895 פֿיג. ,,האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן

פֿאָטערס אויגן און מיט געמאַכטן ערנסט
אָנגעפֿרינדעט גרימאַסן אויפֿן אייגענעם פּנים“, מ
אַלבערטאַן, שאַכטעס, מאָסקווע 1934.
מיט ז י ך — אָ, זיך און גיין אין מאַרק
אַרײַן פֿרילינג. אָנגעפּרינדעט זיך דער הימל
„ .
אין אַ וואָלן פּוטער,,, אשט, משלים I.
אָנפּרינציפּנדיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
טיק. [אָגפּרינציפּי — נר.] ,ע
טאַקק ־י
ייִט.
(איז אָן) פּרינציפּן. פּרינציפּ(נ)לאָז.

אָנפּריסקען — טרוו & אוטוו ־קע אָן, ~
גע
פּריסקעט. אָנשפּריצן. אָ, עמעצן מיט אומריין
וואַסער. אָ, שפּײַעכץ א י ן פּנים אַרײַן. אָ,
אויף די הויזן פֿאַרן פּרעסן.
אָנפּרישען — ← אָנפּראָשען.
אָנפּרעגלען — טרוו ־גל אָן, י,,געפּרעגלט.
.
פּרעגלען אַ סך, אַ גרויסן סכום. אָ, גריוון.
“זומער פֿלעגט זי אָ, פֿיל אײַנגעמאַכטס און

פֿאַרשײדענע סאָקן,,, יק. מיט ז י ך — אָ,
זיך פֿון נחת. זיך אָ, אויף דער זון ־ונג.

.

־עכץ. ־עניש.

אָנפּרעגן — טרוו. פּרעג אָן, ~געפּרעגט.

1. אָנמינצן. אָ, מטבעות. 2. אָנגרייטן,
צוגרייטן. ,,וואָל און ליַין האָט זי אָנגעפּרעגט,,,
מס, משלי תּקע,,ד, לא, 13.

אָנפּרעטשען — טרוו ־טשע אָן, ~
געפּרע.
טשעט. צונויפֿזאַמלען פֿאַר ווּעמען האָט

,, .
ער אָנגעפּרעטשעט אַזאַ פֿאַרמעגן — פֿאַרן רוחס
וועגן?,,.

אָנפּרענדען — ← אָנפּרינדען. ,,כ'האָב אויף
זיי אין איַילעניש אָנגעפּרענדעט אַ שמאַטע אויף
א שמאַטע פֿאַרבונדן מיט בענדלעך,
שטריק־ ־ ,

לעך,,, סאָוו, היימלאַנד, 4 1965, No, ז, 94 ״די
מאַמע האָט מיך אָנגעפֿרענדעט וואַרעם אין אַ

1619

וואַטן טולופל,,, ה. אַקערמאַן, טאָג, 22 1969 II.
מיט ז י ך — ,,מיט די בעסטע אָנדאָראַקעס
האָבן זיי זיך אָנגעפרענדעט,,, מאָטיע דעכטיאַר,
בויער, מינסק 1936.
אָנפרענטען — טרוו ־טע אָן, ~געפרענטעט.
פֿאַרלייגן מיט אַ פרענט(ע). אָ, די טיר.
אָנפרעסן — טרוו. פרעס אָן, ~געפרעסט.
1. דזוו אָנפלעטן. אָ, העמדער. ,,מע האָט ניט
געדאַרפֿט אַזוי פֿיל אָ,״. 2. אָנשטאָפּן. ענג,
געדיכט אַרײַנפּאַקן, אַרײַנלייגן. אָ, ווי אין אַ
זאַק. אָ, ווי הערינג אין פֿעסל. 3. אָנאַרבעטן
מיט אַ פרעסמאַשין, מיט אַ דרוקמאַשין. אָ אַ

,

העלפֿט פֿון בראָשור. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
־עכ ן. —עניש.
אָנפרעסלען — טרוו. ־פל אָן, ~געפרעפלט.
1. אומקלאָר, אומפֿאַרשטענדלעך אָנרעדן. ,,
אַנשטאָט צו געבן אַ קלאָרן ענטפֿער, האָט ער
עפעס אָנגעפרעפלט״. 2. אָנרעדן נאַרישקייטן.

3. (וועגן אַ ניט־ייִדיש געבעט) אָ, מאָליטוועס.
אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָנפשטלען — [... פשעטלען] טרוו. פשטל אַן,
~געפשטלט. אַרויסברענגען אַ סך פשטלעך.
„אויף דעם פסוק האָט מען אָנגעפֿשטלט אַ
גאַנצע ליטעראַטור“. אויך מיט ז י ך.

אָנפשרהדיק — [... פשאָרע...] אַדי. וואָס
איז אָן אַ פשרה. אָ'ער ענטפֿער. פּרינציפּיעלע
אָ'ע האַלטונג.
~פשרותדיק — וואָס איז אָן פשרות,
וואָס גייט ניט אויף קיין פשרות. „דער צוואַנג
פֿון איין זײַט און די איבעריקע אָ'ע
הײַנטמאָדישקייט פֿון דער כלה„, מ. ווינער, א.
גורשטיין, פּראָבלעמעס פֿון קריטיק, מאָסקווע 1933.
־יקייט.

אָנפֿאַבולאַ'ר — אַדי. וואָס איז אָן אַ
פֿאַבול(ע). אָ'ע שריפֿטן. אַן אָ'ער ראָמאַן.

-

אָנסאַבּריצירן — טרוו. ־ציר אָן, ~(גע) ▯]
אַבּ ▯

ריצירט פֿאבריצירן, אויסאַרבעטן אין אַ

פֿאַבריק אַ סך, מער ווי עס איז נייטיק. אָ, לעדערנע הענטשקעס און דערנאָך ניט קענען זיי אָפּזעצן פֿיג אויך: אויסטראַכטן, אָנדערציילן

מעשׂיות ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן. ־דנג.

אָנסאָדערן — טרוו ־ער אָן, ~געפֿאָדערט.

1. דזוו אויפֿפֿאָדערן פֿאָדערן שטאַרק, אַ סך.

אָ, די אָנגעשטעלטע צו אַרבעטן אי גיכער, אי פּינקטלעכער. "השמשׂ איז מחויבֿ אַן צו פֿאָדרין דיא רשימות פֿון די תּלמידים בֿ, ימים אין זמן,,, 'תּקנות ק"ק ניקאָלסבורג,, 1676, תּקנה ד. ,,גאָט... דער האָט דער לײַכט אוישׂ דעם לאַנד ישמעאל, דז ער אין [= ישמעאלן] אַן פֿאָדרט צו מקבל זײַן די תּורה,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, דמה/א. ,,די נוצרים... האבן אַן גפֿאָדרט דשׂ מן דיא יהודים זאָל אַרוישׂ געבן", שאַר, פּח. 2. באַשטעלן. אָ אַ וואַגאָן ציטרוס־פּרוכטן. 3. אַרכ

פֿאָר, .
לייגן אַ שידוך. „קיסר קאַריל מאַנגני זײַן קעסטליכי גיזאַנטין נאָך קונשטאַנטינאָפּיל אַן דער קיסרתּי גשיקט אונ, פֿן זײַנטוועגין אַן פֿודרן לאזין“, גה, 94. ־ונג.

אָנפֿאַל

-

אָנסאַזעווען — טרוו. ־זעווע אָן, ~ געפֿאַזעוועט. (סטאָליערײַ) אָנהובלען און אָנפּאַסן אַז איין ברעטל זאָל זיך אַרײַנפּאַסן אין (צו) אַ צווייט ברעטל. אָ, ברעטלעך פֿילאָנקעס.

,

- -

אָנסאָטאָגראַסירן — טרוו. ־פֿיר אָן, ~(גע)־ פֿאָטאָגראַפֿירט פֿאָטאָגראַ◌ירן אַ סך מאָל.

.

מאַכן איבעריקע פֿאָטאָגראַפֿיעס. אָ, ייִדן בײַם כּותל־מערבֿי□ אָ, דאָס טעכטערל אין כּלערליי פֿאָזעס.

-

אָנסאָטען — טרוו. ־טע אָן, ~געפֿאָטעט. בּ□ס. רומ. < מאָלדעוואַניש. בּאַלויפֿן. מאַכן אַ בּהמה, ספּעצ, שאָף זאָל ווערן טראָגעדיק. אויך מיט ז י ך — ,,אין סטינע האָבן זיך אָנגע□ אָטעט אפֿשר צוואַנציק שאָף,,, אפֿא, טמז, 1970 23 III.

□

אָנסאָטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געפֿאָטערט. נעאָל. < לויט אַ בּ פֿון □ □he□a□ to:□ . נר. אָרגאַניזירן, שאַפֿן עפּעס וואָס איז פֿריִער ניט געווען. ,,אַבֿרהם רייזען אַליין האָט אָנגעפֿאָטערט אַ היפּש בּיסל אַזעלכע [ליטעראַרישע] אַכסניות אין די לענדער וואו ער האָט געלעבט,,,

בּצג, טמז, 1 8 19 XI.

-

אָנסאַכן — טרוו פֿאַך אָן, ~געפֿאַכט.
אָנ.
מאַכן אַ פֿאַך אויף אַ פֿאַך. אָ, פֿאָליצעס מיט
בּיכער בּיז צו דעם סופֿיט.

-

אָנסאָכען — אוטוו & טרוו. ־כע אָן, .,
געפֿאָכעט. 1 פֿאָכען אַ סך, אַ לענגערע צײַט.
.
אָ, מיט אַ שווערד. אָ, מיט אַ טיכעלע. 2.
אָנבּלאָזן (דורכן פֿאָכען מיט פֿליגלען). „דער
ווינט פֿאָכעט אָן די טרוקענע שנייעלעך„. “אויף
זיי פֿאָכעט אָן דער שוואַרצער פֿויגל די
...
אימה פֿאַרן לעבּן„, זשיט I, נ„י 1912. 3.
צוטרײַבּן, אָנטרײַבּן ראָש מלין־מפֿתּח, זשיטאָמיר
1872 פֿאַרטײַטשט 'ודפֿקום, (בּראשית, לג, 13):

,,זיי אָ,". אויך מיט ז י ך — אָ, זיך מיטן

פֿעכער. אויך: ~פּאָכן.

אָנפֿאַל — דער, ־ן. 1. אַקט, פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנפֿאַלן (←). פֿלוצעמדיקער, אויסגערעכנטער, אומגעריכטער אַזון אָ.. ,,אַ שוץ פֿאַר אַ שלעכטן אָ, אין אַ בּיטערער צײַט,,, ממוס, קליאַטשע.

2. ספּעצ. איבערפֿאַל. אַטאַק(ע). אָנגריף. אָ, פֿון שׂונא. אַן אָ, אויפֿן גאַנצן פֿראָנט. אָ, פֿון אַ טיטשקע ווּלף. אָ, פֿון עראָפּלאַנען. פּאַרטיזאַנעראָ'. אָ, פֿון פּאָגראָמשטשיקעס. רוּיבּאָ'. אָ, אינמיטן דער נאַכט. ,,איצונדר איז דער אונפֿאַל אויף איינם און, מורגן איז ער אויף איינם אַנדרן", איבּז, םפֿר היראה דר, יונה, ציריך 1546 [פֿש II]. ⸗זי האָט זיך... פֿון אַן אָ, פֿאַרטיידיקט, אין דעם גע⸗ינט דאָס געריכט אַ זכות", ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,מע קען אפֿשר נאָו פֿאַרשטיין... די סיבּות פֿון אַ גזירה פֿון אַן אָ, פֿון אַ פּאָגראָם — אָבער ניט צו פֿאַרשטיין איז די געשיכטע פֿון ייִדן וו אַ גאַנצקייט,,, קאָר II.

י

3. ספּעצ. איבּערפֿאַל, אַטאַק(ע) מיט
אידייאישע מיטלען, בּלבּול(ים). אָ, פֿון ערלעכע און
אומערלעכע מענטשן (גרופּעס, לאַגערן).
ידערטרעכטיקע אָ'ן פֿון אָנטיסעמיטן. ,,אָנהייבּ 18.

אָנפֿאַלבּן

י"ה האָט זיך גענומען גרייטן אַ 'ליטעראַרישער,
אָ, אויף אַלע ייִדן,,, ימ איבּז, שד II . ,,
אַרומגערינגלט די רעליגיע מיט אַ פֿעסטונג, וואָס זאָל
אויסהאַלטן דעם אָ, פֿון דעם פֿרײַען געדאַנק,,,
זשיט III, נ"י 1912.

4. פֿלוצעמדיקער אָנקום פֿון גרויסע ווייטיקן.
אומגעריכטער אָנהייבּ, אַרויסווײַז פֿון אַ
קראַנקייט. שווערער נײַער עטאַפּ אין אַ קראַנקייט.
האַרץ־אָ'. מאָגן אָ'. אָ, פֿון עפּילעפּסיע. אָ, פֿון

משוגעת, שגעון. אָ, פֿון גאַלשטיינער. מיטלען

אויסצומײַדן אַן אָ, פֿון.... היסטערישער אָ'.
,,אַן יום כּיפֿור נכדי אלי, לעבֿ קראַנק גיוואָרין מיט זוא פֿיל אונ, שווארי אַן פֿאַלין“, גה, 303.
,,איר [= זי] קוים צוריקגעהאַלטן בּיז דיזער אָ, (פֿריפּאַדאָק) איז פֿאָריבֿערגעגאַנגען“, שמואל ו עססער מווילנא, רבּה, וואַרשע 1876.

5. דאָס פֿלוצעמדיקע בּאַהערשט ווערן דורך אַ געפֿיל (וואָס בּינדט זיך מיט אַגרעסיווקייט).
א, פֿון כּעס פֿון צאָרן.

,

אנפֿאלבֿן — טרוו פֿאַלבֿ אָן, י.,געפֿאַלבֿט.

אָנ. — .

קנייטשן. אָנבּייגן. מאַכן אַ צאָל פֿאַלבֿן. אָ, אַ קליידל. אָ, פּאַפּיר. אָ, דעם גוידער און זיך מאַכן וויכטיק ־ונג.

.

אנפֿאלדן — טרוו פֿאַלד אָן, ~געפֿאַלדט. פּפֿ:

פֿאַלדעווען. מאַכן אַ צאָל פֿאַלדן. דזוו

,

אָנפֿאַלבּן. אויך מיט ז י ך — „אין איר
אָנגעבּרוגזט פּנים, אויף וועלכן ס'האָ�ן מיטאַמאָל
זיך אָנגעפֿאַלדעוועט אָן אַ שיעור קנייטשן“,
ח. מעלאַמוד, סאָוו, היימלאַנד, 2 1967, No.
אָנפֿאַלן — אוטוו, אויף טרוו פֿאַל אָן, בּ י ן
�י —
.
~געסאַלן [ה אָ בּ נאָר אין עטלעכע לר,
גראָד�

נע, אויך צום טייל בּיאַליסטאָק. דענעבּאָרג
אאַ]. 1. זיך אַ לאָז טאָן אויף (קעגן) עמעצן
מיט אַגרעסיווע כּוונות פּפֿ (אויך פֿאַר די
ווײַ.
טערדיקע בּבּ): אָ, ווי די (הונגעריקע) בּינען,
ווי (די) היישעריקן, ווי די מורעשקעס, ווי די
מוקן, ווי פֿליגן (אויף אַ פּאַדלע, נבֿילה); אָ, ווי
אַ הונט (פֿון קייט), ווי (בּייזע) הינט; ווי אַ
וואָלף, ווי (הונגעריקע) וועלף, ווי אַ חיה־רעה;
וו אַ כּלבֿ, ווי כּלבֿים; אָ, ווי רוצחים, וו אַ
י י
רוצח, ווי אַ רוצח־היער, ווי גזלנים, ווי אַ גזלן,
ווי שיכּורע שקצים; אַ, ווי דער יצר־הרע, דער
שׂטן (המשחי�), ווי אַ משוגענער, ווי די בּייזע

מהשכות.

2. באַפֿאַלן ווי אַן אַקט פֿון אַ מלחמה. פֿלוצעמדיקער אָנגריף. אַטאַקע. פּלוצעם אָ, אויף דעם שׂונא (אויך: אָ, דעם שׂונא). אָ, אויף דער פֿעסטונג, אויף אַ שטאָט, אויפֿן גאַנצן פֿראָנט, פֿון אַ זײַט פֿון הינטן אַרום אאַזוו. „זייער

דעה איז געוועזן אָנצופֿאַלן אויף בּראָד“,

מע ה אומן.

3. איבּערפֿאַלן אַ יחיד אָדער אַ גרופּע מיט געווער צי מיט פֿיזישן כּוח צו טאָן שלעכטס. אָ, אויפֿן קאַראַוואַן, אויף די בּוידן מיט סחורה. אָ, אויף עמעצן און אים אָנבּרעכן די בּיינער. שיכּורים, יונגאַטשעס, כוליגאַנעס, ווײַסע־חבֿרה פֿאַלן אָן. פּאָגראָמשטשיקעס פֿלעגן אָ, אויף (אומבּאַשיצ ע) י דן. „אָ, אויפֿן שׂונא און אים אָפּבּײַסן אַן אויער„, נאַד. „זיי זענען אויף אים

אָנגעפֿאַלן — האָט מען זיי געכאַפּט“, נחבּ, 'מעשׂה נסים'. „[די מלמדקע] איז אויף ה, ק. אָנגעפֿאַלן, דורכגעפּאַטשט און אויסגע ליקט די

בּאָרד“, ייִפֿאָל, 41 1884, No.

4. (וועגן אַ חיה, ספּעצ וועגן אַ הונט) אַרויפֿפֿאַלן, בּאַפֿאַלן און (זײַן גרייט צו) צעמזיקן. „אַ הונט פֿאַלט אָן מיט אַ בּילערײַ, צעבּײַסט די ליטקעס“. „אַ גרויסער כּלבֿ רײַסט זיך אָפּ פֿון קייט און פֿאַלט אָן אויפֿן דורכגייער“. „(אויף) קליינע קינדער פֿאַלט קיין הונט ניט אָן“, שוו. „עס האָט זיך אים געדאַכט: אָט פֿאַלט אויף אים אָן אַ בּער, אָט פֿאַרצוקט אים אַ לייבּ“, ממוס, מסעות. „די הינט פֿאַלן אָן אויף אַכען
י

[אין חלום] פֿון אַלע עקן, קאַנטן, זיי רײַסן און צופּן איר לייַבּ“, י. בּודזאָהן, דער מקח טעות□ ווילנע 1927.

5. מיט רוג□א אָנהייבּן שרײַען, זידלען, האָבּן טענות. אָ, אויף אַ קאָנקורענט(קע), אויף אַ שותּף. אָ, ווי אויפֿן פּישמאַרק. אָ, מיט זלזולים און זײַן גרייט אויסצודראַפּען די אויגן. אָ, מיט אַ פּיסק, מיט אַ גרויס מויל. אָ, אויף יעדערן וואָס זאָגט וועגן מאַן אַ קרום וואָרט. *אָ, ווי אויף אַ נאַסער אָנעטשע (שמאַטע) = שטאַרק אָנזידלען אָן שום גרונט. „ווייניק האָבּן די מענטשן נעבּעך אייגענע צרות, קאַרג יסורים און פּורעניות... בּין איך, פּגע, נאָך אויף

זיי אויך אָנגעפֿאַלן“, ממוס, קליאַטשע. „זײַנען די פֿויערן מיט כּעס אָנגעפֿאַלן אויפֿן סטאַרשינע, איבערשרײַענדיק איינער דעם אַנדערן“, די מע􏰀ה פֿון פֿיר בּרידער, זשענעוו 1904. „ער [דער פֿריץ] פֿאַלט אָן אויף די פּויערן... שרײַט אויף זיי... זידלט זיי“, די מע􏰀)ה פֿון פֿיער בּרידער, וואַרשע l906. „מײַן מחותּן איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן, מיך מיט מײַן טאָכטער געזידלט“, א. בּערגמאַן, קאָצקער מע􏰀tזיות, וואַרשע 1929. “... וועט די מאַמע אָ, אויפֿן טאַטן מיט אַ גוואַלד“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע II.

6. זייער שאַרף אַרויסטרעטן קעגן אַ מיינונג (אידיי, שטאַנדפּונקט אע) מיט אַ היציק אַרגומענטירן. אָ, אויף (קעגן) אַ ספֿר. אָ, אויפֿן אָפּאָרטוניסטישן שטאַנדפּונקט. אָ, אויף די רעכטע, די לינקע אע. אָ, אויף ציוניסטן, ייִדישיסטן אע. „יודל איז פֿאַרדאָרבּן, ניט קיין לײַט — פֿאַלט מען אָן אויף אים פֿון יעדער זײַט„, ממוס, יודל.

7. דריטפּערזאָניק. (וועגן אַ קראַנקייט, שוואַכקייט אע) פּלוצעם אָנקומען ווי אַן איבערפֿאַל. אַ חלשות פֿאַלט אָן אויף.... די גאַלשטיינער, די מערידן פֿאַלן אָן. „די כאָלערע איז דעמאָלט

אָנגעפֿאַלן אויף דער גאַנצער געגנט,,. ״קאָן אויף אים [דעם וואָרצל] אָ, אַ מין שימל און ער קאָן אָנהייבן צו פֿוילן״, רעד, אַגראָנאָם מ.

וועללער□ ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.

8. דריטפּערזאָניק. (וועגן אַ געפֿיל, שטימונג, איבערלעבונג) פּלוצעם אָנקומען און באַהערשן דעם מענטשן. אַ מורא, פּחד, אימה פֿאַלט אָן. אַן אַפּאַטיע, אַ מעלאַנכאָליע, אַ מרה־שחורה, אַ ציטערניש, אַ בענקעניש, אַ מאַנקאָליע אע קען אָ'. אַ הונגער, אָן אַפּעטיט, אַ נייגער פֿאַלט אָן. ,,אויף מענטשן פֿאַלט אָן אַ מהומה, אָ לוי..

אָנפֿאַמיליעדיק

פֿעניש ווי די דולע,,, ממוס, שלמה. ,,אויף דער מוטער פֿאַלט אָפּט אָן אַ רעליגיעז־פֿרומער אומעט, פֿלוצלינג, אָן אַ שום סיבה,,, בערג, ביים דניעפּער I. ,,אַ משוגעת איז אויף דער מיידל אָנגעפֿאַלן — האָט מען אויסגעטייטשט איר איינגיין אויפֿן שידוך,,, ייִז, יאָשע קאַלב. ,,אַ פֿינצטערניש איז אויף אים מיטאַמאָל אָנגעפֿאַלן, אַן אינעווייניקסטע פֿינצטערניש״, זש, נח פּאַנדרע. אויך אַ ש ל אָ ף קען אָ'. ,,ביי זיינע שאָף איז מיין שונא אָנגעפֿאַלן אַ שלאָף״,

עט, משלים. ״ערשט בערך דרײַצן יאָר צוריק איז אָנגעפּאַלן אויף אונדזער מאַסע אַ לויפּעניש קיין פּאַלעסטינע״, נתנאל, דער פּוטטערנער אייוון, פּיעטריקאָוו תּרס״ד.

9. דריטפּערזאָניק. (וועגן אַ נאַטור־דערשײַנונג) פּאַלן אָדער זיך בּאַווײַזן, אָנקומען אַ סך, שטאַרק. אַ שניי קען אָ, בּיז איבּער די קני. אָנגעפּאַלן חמרים שניי. אַ שניישטורעם, אַ זאַווערוכע פּאַלט אָן. עס פּאַלט אָן אַ (עטלעכע צאָל) רעגן. ,,עס וועט אָנקומען ווי אַ פּאַרוויסטעניש, אײַער שלימזל און אײַער מפּלה וועט וו אַ שטורעמווינט אָ',,, מס, משלי תּקע״ד, א,

27. ,,... אויסבּאַהאַלטנדיק זיך פּאַר דער שרעקלעכער בּורע וואָס איז זיי פּלוצלעם אָנגעפּאַלן״, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה,. ,,בּײַנאַכט איז געווען אַ שטאַרקער ווינט און ס איז אָנגעפּאַלן אַ גרויסער אָפּאַד״, מ. י. שעליובּסקי.

10. זיך צוכאַפּן צו עפּעס. אָ, אויף דער אַכילה. אָ, אויף די הייסע לאַטקעס. אָ, אויפּן וואָגן מיט די פּירות. ,,איז דער עולם אָנגעפּאַלן דערויף מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלײַך ווי נאָך אַ תּענית״, שע, מע יות אַר ייִד, קינדער I.

־עכ ן. ־עניש — ,,בײם אָ, פֿון
פֿאַרווילדעטע און פֿאַרשיכּורטע חיילות,,, ד. י.

זילבער־קע) — ,,ב אַ מלחמה איז אַמאָל שווער צו
בוש, שטרעכאַלעך..., ווין 1916. ־ער (—ין,
י

וויסן ווער עס איז דער אָ,,.. ,,כ'האָב געשאָלטן,
געשריִען און געאַרבעט מיט אַלע כּוחות כּדי
אַרונטערצוּוואַרפֿן פֿון זיך מײַן אָ',,, י. שפּיראָ
איבּז דר, נ. ה עהרמאַן, דער בעל שם פֿון
מיכלשטאַדט, וואַרשע תּרפ,,ה. ספּעצ. אַ
מיטגליד פֿון דער איבערפֿאַל־קאָמאַנדע אין
לאָדזשער געטאָ.
אָנפֿאַלעריש — אַדי. אָס האָט די טבֿע
אָנצופֿאַלן. וואָס איז פֿון (ווי בײַ) אַן אָנפֿאַלער.
אָ'ער כּעס. ,,נישט קיין אָ'ע רוצחים, נאָר
באַשיצערס, זיגערס, הויך דערהויבן“, יג, פֿון מײַן
גאַנצער מי. ־קייט.
אנפֿאלצן — טרוו פֿאַלץ אָן, ~געפֿאַלצט.
—
.
אָנקנייטשן בײַם בראָשורירן. אָ, די אָפּגעדרוקטע
בויגנס.
אָנפֿאַלשעווען — טרוו, אויך אוטוו. ־שעווע

— לשעוועט. פּ־ פֿאַלטשעווען.
אָן, ~געפֿאַ פּ: ~
פֿאַלשעווען אַ סך מאָל. אָ, די אונטערשריפֿט
פֿון בעל־הבית. אָ, וועקסלען. אָ, בײַ דער
אַרבעט, בײַם זאָגן עדות.
אָנפֿאַמיליעדיק — אַדי. נעאָל. וואָס האָט
ניט קיין פֿאַמיליע, משפּחה. די אָ ע אַרבעטער.
העכערע שטײַערן פֿאַר אָ'ע.

אָנ אַנג

אָנסאַנג — דער, ־ען. .Mhd: an־van
אָנהייב. התחלה. אָ, יאָר, אָ, זומער, אָ, זמן.
אָ, פֿון דער פֿאָרשטעלונג פּינקטלעך 8 אָוונט.
אָן אַן אָ, און אָן אַ ברעג (סוף, ענד). פֿ ו ן
אָ, (אָן) פֿון אָ, ביז איצט. „דער ערשטער אָ,
.

פֿון אונדזער ליבֿע איז געווען צוקער־זיס,,;
,,אַך דער אָ, פֿון אונדזער ליבֿע האָט זיך
אָנגעהויבֿן צוקער־זיס,,, פֿל. ,,יעדער אָ, איז שווער
(און גרינג נאַכהער)“, שוו [כל התחלות קשות].

אבֿ, שמות דבֿרים: אנבֿנק — התחלה. ▫ בּ
פֿאַרטײַטשט 'תחילה, — ,,אָן פֿאַנג“. ,,ער איז דר
אַלירערשטר דז קיין אַן פֿאַנג איז צו זײַן
ערשטיקייט“, חה, אַמשט 1716, טז/ב. ,,דר אַן
פֿאַנג פֿון די חכמה איז גאָטש פֿורכט“, דאָרטן,
קלח/א. ,,דר רשע... בלײַבט אין זײַן רשע[ו]ת
פֿון אַן פֿאַנג ביז אם ענד,,, איבֿז, משה
אײַזענשטאַט, דרך הישר לאבֿן בוחן, אָרט? 1746.
“זייער שׂונא איז דער גלות אָן אַן אָ,, אָן אַ
ברעג,, פֿרוג;. ,,אָ, וויפֿל אָ'ען מידע זײַנען פֿון
,
ווייטיק צעגליט“, אַקש, ברויז. *מאַכן אַ
גוטן אָ, = געווײנטלעך וועגן אָנהייבֿן לייזן,
פֿאַרדינען. אָ, ג מ ר א = די אויסגעקליבענע
גרינגע שטעלן. אָ'־בילדונג. אָ'שול. אָ'בוך,
אָ'ביכל. אָ,(ס)־קאַפּיטאַל.

אָנפֿאַנגלעך — אַדי. וואָס איז פֿון אָנפֿאַנג.
לכתחילהדיק. דער אָ'ער פּראָצעס. ,,... עשׂ
דאָך אַן פֿענגליך נור איינשׂ גיוועזין וואַר“,
'שילדבורגר זעלצאַמי און, קורצווייליגי

גישיכטי', קאַפּיטל 17 [אַווע II]. "אָנגעהויבּן האָט זיך עס שוין אויף די אָ'ע אָנטוויקלונג־עטאַפּן פֿון ייִדיש", אַפֿנ שפּראַכפֿראָנט, קיִעוו 1935, No 3־4. „ .. געהאַט צו טאָן אַ ים אין אירע אָ'ע יאָר", פּמ, מלחמה.

-

אָנסאַנגס — אַדוו. פּר [זק רעקאָמענדירט ניט, ווײַל אַ דטש]. דזוו אין אָנפֿאַנג. "אָ, איז געגאַנגען ודי געשמירט". „אָ, האָט מען געשמועסט אַ בּיסל פֿאָליטיק„, בּינטשע די צדקתטע, וואַרשע 1883. „די עלטערנס רייד... האָבּן אָ, געווירקט", י. ה. זאָנענבּערג, די געפֿאַנגענע רויבּערס, לאָדז תּרפ„ז. „אָ, איז ער מסדר די מאַטער אַלן", חכמת מהר„ל, פּיעטריקאָוו י

תּרע"א. „אָ, האָבּן זיי מער ניט געזען ווי אַ פֿעלד מיט בּיימער", ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע. „אָ, פֿלעגט ער מיטנעמען די פֿידל„, ווײַס I , 'חנהלע'.

אָנסאַנגען 1 — טרוו פֿאַנג אָן, ~געמאַנגען.

.Mhd: an. 1־van] e אָנהייבן, מאַכן אַ התחלה. אָ, אַן אַרבעט. אָ, עפּעס צו טאָן, צו רעדן אאַזוו. אָ, זיך לערנען. אָ, אַ נײַע תּקופֿה אין לעבן. אָ, פֿון אָלף. אָ, אַ מלחמה. אָ, מיט אַ שנעפּסל. „ביז דער אָנפֿאַנגט צו קנעלן, איז די זמן אַרום„ פֿוול, מיי, טענדלאַו, 62. „תּוך המבורג האָט מאַן אַן פֿאַנגין צו מומלין„, גה, 83. „זעלכי זאַכן דיא דא האבן איין אָנפֿאַנג... מוז דאָך איינר גיוועזין זײַן דער זיא אַן גיפֿאַנגן האָט„, חה, אַמשט 1716, יד/ב. „פֿאַנגט ער אָן זוא ביטרליך צו וינן„, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. „מיר לאָזן איין שטיק פֿון דר סדרא דשׂ לערנן דיא גאַנצי וואָך אונ דשׂ איבריגי פֿר הופּֿן זיא אונ פֿאָנגן מיט דעם

1621

קינד איין נײַאי סדרא אַן,,, לט1, קנכ/ב. ,,האָבּ אָנגעפֿאַנגען פֿון זיי אַנדערש צו דענקען,,, ממוס, ,שם און יפֿת'. ,,אין מײַן הערץ פֿאַנגט אָן צו קלאַפּן. עפּעס ווײנט זיך. זאָגט, וואָס איז דאָס?,,, מר I.

. אָנהייבּן צו טאָן. [נאָכן ווערבּ אָ, ווערט אָפֿט דורכגעלאָזט אַ צווייטער ווערבּ אָדער דער אָבּיעקט.] ,,נו ער האָט שוין אָנגעפֿאַנגען!“ [צו רעדן, שרײַען, טומלען, זיך שלאָגן אאַזוו]. ,,זאָגט איר בֿון דער אַלף בּיז אַן די תּיו ווי זי עש מיט בּבֿא האטן אַן גיבֿאַנגן“, בּבֿא־בּוך, 285. ,,אין ווינטר זײַן דיא נאַכט גאַר לאַנג. פֿאַנגט איין גוטער גיזעל צו דען אַנדרן אַן,,, איין שין נײַא קוריעס שפּיל ליד, אָפֿנבּאַך תּע“ט.

3. אַרכ. אַנשטאָט אָנפֿאַנגען זיך. ,,ווען עז דיא צײַט קומט דז דר ווינטר אַן פֿאַנגט“, קה, פֿיורדא 1743, יב/א. ,,יעדר בּריף מוז אָנפֿאַנגען מיט גאָטס נאָמן,,, בּריף שטעלער... שבֿט

סוֹפר, [לעמבּערג] תּרכ,,א?

מיט ז י ך — 1. אָנהייבּן זיך. די מלחמה, רעוואָלוציע, קריגערײַ אע פֿאַנגט זיך אָן. ,,אַ נײַער האָניק־חודש האָט זיך אָנגעפֿאַנגען בּײַ זיי,,. 2 פֿאַרטשעפּען עמעצן. צושטיין צו

.

עמעצן מיט רייד, טענות, זידלערײַען. זיך וואַרפֿן שלאָגן פֿאַנג זיך מ י ט אים ניט אָן, ער

. ,,

איז שטאַרקער פֿון דיר,,. ''כאַצקל, זאָגט זי, פֿאַנג זיך בּעסער ניט אָן מיט דער אַלטער....,, ח פּעט, צווישן פֿײַערן ־עניש.

.

-

אָנסאַנגען 11 — טרוו פֿאַנג אָן, ~געָ אַנגען.

-

Mhd: vanc. פֿאַרכאַפּן, אָנכאַפּן. פֿאַנגען אַ צאָל, אַ סך (מיט אַ נעץ, פֿאַסטקע, מיט כּוח, געווער). אָ, פֿיש. אָ, פֿייגעלעך. אָ, די אַנטלאָפֿענע אַרעסטאַנטן. "עשׂ איז איין משל — איין אבן [אין נצ2: מ אַ ג נ י ט] דער אַן פֿאַנגט צו זיך אײַזין", נצ1, ה/ב. „אין דער שיף איז געווען מאַנספערזאָנען, אויך פֿרויען... וואָס זיי [די ים־רויבער] האָבּן אָנגעפֿאַנגען", מעה פליאות II, וואַרשע 1875.
־עכץ. ־עניש.

אָנסאַנגער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. 1. ווער עס פֿאַנגט עפּעס אָן צו טאָן, צו שאַפֿן. „גאָט... דער אַן פֿאַנגר פֿון אַלי אַן גיפֿאַנגני זאַכן„, חה, אַמשט 171, יג/א.
2. ספּעצ. ווער עס הייבּט ערשט אָן אַ געשעפֿט, הייבּט אָן אָדער לערנט זיך ערשט אַ מלאָכה, אַ קונסט, שטעלט די ערשטע טריט אויפֿן ליטעראַרישן געבּיט אע. אַן אַקטיאָר אַן אָ.. „מײַן מאַן איז דערווײַל אַן אָ, און פֿאַרדינט וויניק„.. „אַן אָנהייבּער איז ניט דער וואָס

הייבט ערשט אָן (דער איז אַן אָ'),,, שנ, שרייַבער
אין סאָוו'־רוסלאַנד. ״ממש כקבלת נדר אצלי
מיט יונגי אַן פֿענגר אין קיין מו,,מ [=
משׂאומתן] צו מעלירין...,,, אגרת שלמה, ד/א. ,,אַן
אָ, בײַם שפּילן אויף אַ פֿידל — לערנט מען
אים צוערשט מאַכן די טענער,,, ספֿר שבֿחי
רמ״ל לעמבערג, יאָר? ,,ער האָט פֿאַרזאָרגט די
אָ, מיט קליינגעלט, ליטעראַטור...,,, אַר, 'דער
כּשרער,.

אָנפּאָצקען

3. ספּעצ. ווער עס הייבט אָן זיך צו לערנען.
אַ דרדקי־מלמד מיט זײַנע אָ'ס פֿאַר די אָ,
,, .
פֿלעגט ער אָנשרייַבן דעם אַלף־בית מיט אַ
בלײַשטיפֿט און מיר פֿלעגן די אותיות
איבערציִען מיט טינט״, ל. קובאָוויצקי, טאַג, 1950
18 XI. אַן אָ'־ק ל אַ ס.
4. דאָס ערשטע לערנביכל פֿאַר אָ'ס. אַן אָ,
לויט אַ נײַעם מעטאָד ־עריי — אַרויסוויַזן
— .
קינסטלערישן דלות, אָ,.

אָנסאַנגעריש — אַדי. וואָס איז פֿון (אַזוי
ווי בײַ) אַן אָנפֿאַנגער. אַן אָ, ליד. אָ'ע סקיצע.
ס'איז נאַאיוו און אָ'. אָנגעהויבן שטעלן די
ערשטע אָ'ע טריט אין דער ייִד, ליטעראַטור,,,
ט. גען, סאָוו, היימלאַנד, 5 1968, No. —קייט
— אַ סימן פֿון אָ'.

אָנסאַנטאַזירן — אוטוו & טרוו. ־זיר אָן,
~(גע)פֿאַנטאַזירט. פֿאַנטאַזירן אַ סך, וועגן
פֿאַרשיידענע ענינים. ,,וואָס ער האָט דאָ
אָנפֿאַנטאַזירט!“. אָ, וועגן דער ווײַטער און
גליקלעכער צוקונפֿט. ־ונ.
אנפֿא'ן טעריי'בל פֿר: ible]e]ן a] e =

שרעקלעך קינד. 1. אַ קינד וואָס שטעלט אין
פֿאַרלעגנהייט מיט זײַן אויפֿפֿירן זיך. 2. ווער

עס זאָגט אין פּנים אַרײַן אַזוינס וואָס מע וויל אויסמײַדן צו זאָגן (הערן), ניט־דיסקרעט.

אָנפּאָנפּען — ־פּע אָן, ּ י.,געפּאָנפּעט. אוטוו — אַ לענגערע צײַט פּאָנפּען, רעדן אומקלאָר, אונטער דער נאָז. אָנבעקען, אָ, און אַוועקגיין. אָ, אַ פּולן א ו י ע ר. טרוו — אָפּנאַרן. אָ, איינער דעם צווייטן. אָ, דעם קונה. ־עניש.

אַנפּאַ ּ ס — אַדוו. < ּר. גלײַך אין פּנים. פֿון פֿאָרנט. דירעקט אַקעגן דעם אָנקוקער. ,,פּאָזע נומער צוויי... ער האַלט איר הענטל אין זײַן האַנט און קוקט אויף איר אַ',,, שע, בלאָנדזענדע שטערן II. ,,אַ דאָרף־שטוב. אַ גראָם חדר... דרײַ טירן: איינע אַ', אין דרויסן אַרויס,,, שע, פֿון צוויי וועלטן. ,,... האָכן מיך געצייכנט... אין פּראָפּיל, אַ',,, באַש פֿאָר, 15 1963 XI.

,

אָנפּאַסטן זיך — אוטוו פֿאַסט זיך אָן, זיך

ּ

ּ..,געפֿאַסט. אַ סך, אַ לענגערע צײַט פֿאַסטן, ניט האָבן צום עסן. געגוג זיך אָ, אין די קינדערשע יאָרן. זיך אָ, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. ־עניש.

אָנסאַסן — טרוו פֿאַס אָן, ~געפֿאַסט.

אָנ.

טאַפּן, אָנרירן. לאָקל, גאַליציע. [פֿאַר כּללשפּראַך — דטשמ]. נר. אָ, מיט דער האַנט די כּלים אויפֿן טיש. „ער פֿאַסט אָן ראָלקעס מיט געלט“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844, ז, 78. ־ונג — „צווישן אים [דעם מענטשן] און דער ערד מוז אויך זײַן די זעלבּיקע אָ', די זעלבּע האַרמאָניע„, מ. קאַטץ, נאַטור און מענש, 1906.

אָנסאָפּען — דזוו אָנפֿאָנפֿען, טרוו.

-

אָנסאָצקען — טרוו. ־קע אָן, ~געפֿאָצקעט.

1. אָנפּוצן שרײַאיק, אומעסטעטיש. „אַ

זיבניאָריק מיידעלע — און די מאַמע האָט ז אַזוי
י
אָנגעפּאָצקעט!„. 2. אָפּנאָרן. געווײנלעך מיט

-
אָנפּאָר

ז י ך — אָ, זיך ווי אַן אויפֿגעקומענע יענטע.
־ע ניש.

אָנסאָר — דער, ־ן. דאָס אָנקומען פֿאָרנדיק.
אַקט פֿון אָנפּאָרן. פֿאַראַדנער אָ'. אָ, פֿון
דעלעגאַטן.

אַנפּאָ'ר — אַדוו. אַרכ. r r .Mhd:
פֿאָרויס. „דא גינגן עשׂ דיא יודן מיט דען היידן
אַנפֿור“, שמואל־בוך, סטראָפֿע 121.

□ -

אָנסאַר־ — קאָמבּינאַציע פֿון קאָנווערבּ אָ ן און וווערבּאַלן סופֿיקס פֿ אַ ר. טרעפֿט זיך אין אַ גרויסער צאָל ווערבן, דערעיקר אין דער ריידשפּראַך. אינפֿ און פּאַר קומען אַרויס גרינג און נאַטירלעך, בעת אימפּ און איצ קענען נאָר זײַן געקינצלט. די דאָזיקע ווערבּן ווערן ווײַטער ניט פֿאַרצייבנט. דוגמאָות: אָנפֿאַרבּאָרגן, אָנפֿאַרגינען, אָנפֿאַרהוליען, אָנפֿאַרוויקלען, אָנפֿאַרזוכן, אָנפֿאַרזײַערן, אָנפֿאַרניצן, אָנפֿאַרסמען, אָנפֿאַרפּעסטן, אָנפֿאַרפֿירן, אָנפֿאַרקייטלען, אָנפֿאָרקרענקען, אָנפֿאַרשטעלן. עס קומען ווײַטער נאָר עטלעכע ווערבּן מיט אָ, וואָס האָבּן זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין לשון.

□ -

אָנסאַרבּאָטן — טרוו. איצ, אימפּ נבּ; □

אַר □, —

בּאָטן פֿאַרבּאָטן אַ סך פֿאַרשיידנס. ״מע האָט

.   .

אונדז אָ, אַלע פֿאָרגעניגנטן פֿון לעבן“.

אָנסאַרביק — אַדי. וואָס איז אָן פֿאַרב, אָן קאָליר. אָ'ע(ר) טיי. “אין אירע אָ'ע אויגן איז פֿאַרגליווערט געוואָרן דער שלאָף„, ה.
קאַמענעצקי איבז, מ. אָרקי, אויסדערוויילטע דערציילונגען II. פֿיג. אָ'ע שטים. אָ, קול. אָ'ע באַשרײַבונג. „איבערצוגעבן זיך דעם אָ'ן אינטערנאַציאָנאַליזם און אָפּזאָגן זיך פֿון זייער נאַציאָנאַליטעט„, זשיט IIי, נ“י 1917 ־יקייט.
.

-

אָנסאַרבן — טרוו פֿאַרב אָן, י.„געפֿאָרבן,
.
~געפֿאַרבט. אַ ביסל באַדעקן מיט פֿאַרב.
פֿאַרבן אַ צאָל זאַכן. אָ, אייער אויף ל„ג בעומר.

אָ, די בּרעטער מיט רויטע און בּלויע פּאַסן.
ווי ניט איז אָ, אַ בּענקל. „ס'פֿעדער־בּינטל אויף
זײַן קעפּל רויט מיט בּלוט אים אָנגעפֿאָרבּן„,
יהואָש איבּז, הײַאַוואַטאַ. „דער קאָליר וואָס מע
האָט אויף זיך אָנגעפֿאַרבּט איז אַ פֿאַלשער, אַ
געמאַכטער“, א. גאָלאַמבּ, טמז, 1968 III ⃞ 17.
מיט ז י ך — אָ, זיך די בּאַקן.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין,
־קע). ־ערײַ.

-

אָנסאַרבּעטן — טרוו. איצ אימפּ, נבּ;
סאַר ⃞ י,־
בּעטן פֿאַרבּעטן ווי געסט אַ צאָל. אָ, צו דער
.
חתונה מער מענטשן וויפֿל דער זאָל קען
אַרײַננעמען.

-

אָנסאַרדינען — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; ,(גע)־
פֿאַרדינט פֿאַרדינען געניג פֿאַרדינען אַ סך,
— . .
ביסלעכווײַז. אָ, אַ ביסל געלט און עפּעס
אָפּשפּאָרן. „קוקט אים נאָר אָן! אַ סך האָסטו
שוין אָנגעפֿאַרדינט אויפֿן עסן?„, ז. רעזניק
איבֿז, יאַ, „נאָך צוויי האָזן'. „דאָס איז די
אָנגעזאַמלטע קיום־ענערגיע וואָס ייִדן האָבן
אָנגעפֿאַרדינט דורך די אויפֿטועך פֿון אַלע ייִדישע
דורו ', בֿ. ריווקין, אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע.
מיט ז י ך — זיך אָ, מצוות, נשמה־ליכט.

זיך אָ, אונדזער אַלעמענס דאַנק. זיך אָ, אַ
גוטע קרענק.
אָנפֿאַרווערן
— טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; י„
פֿאַרווערט. דזוו אָנפֿאַרבאָטן.

אָנסאַרזייאיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
ניט פֿאַרזייען. אָ'ער שטח. [בײַם איבֿז וו.
סטאַווסקי, סטאַניצע, מינסק 1932].

אָנסאַרטייטשן — טרוו. איץ, אימפּ נבֿ;

~פֿארטײַטשט פֿאַרטײַטשן, דערקלערן אַ סך.

אָ אַ גאַנצע סדרה ־ונג ־ער.

אָנסאַרטיקן — טרוו. איץ, אימפּ נבֿ; ~
געפֿאַרטיקט פֿאַרטיק מאַכן אַ צאָל זאַכן.

צו—

גרייטן. אָ, געבוג מאַנטלען פֿאַרן
ווינטערסעזאָן. "מע האָט זייער פֿיל אָנגעפֿאַרטיקט
ביז די [דיינים של מעלה] האָבן מיר אַ רוף
געגעבן,,, י. מאַרגענשטערן, מעה משני קצבֿים,
ווילנע תרנ,,ח. ־ונג. ־ער.

אָנסאַרטרויאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנפֿאַרטרויען. אָן אָ, וואָס האָט
פֿאַרפֿירט. „ס'ציִען זיך די גלידער מײַנע צו
דער ערד אויף שטומער אָ, צו איר אוראַלטן
געוויסן“, מאָל, חשונדיקע נעכט.
אָ'נפֿאַרטרוילעך
— אַדי וואָס מע קען
(מעג) פֿאַרטרויען. וואָס ווײַזט אַרויס די
אייגנשאַפֿט אָנצוסאַרטרויען. גוטע, נאַאיווע, אָ'ע
-

מענטשן. „... האָט אויף אים געקוקט מיט
ליבלעך־אָ'ע בליקן“, מ. בלינקין, קאָרטנשפּיל,
נ״י, יאָר?

אָנסאַרטרויען — טרוו פֿאַרטרוי אָן, ...,
פֿאַר.
טרויט. דזוו אָנגעטרויען. אָ, עמעצן [דאַטיוו]
אַ סוד. אָ, דעם פּרעזידענט צונויפֿצושטעלן דעם
מיניסטאָרן־קאַבינעט. אָ, אָ וויכטיקע מיסיע,
שליחות. איר, אָ, מיטן ערשטן פֿײַף. „עס טוט

מיר שוין בּאַנג וואָס איך האָב דעם י􏰀דן דעם שמוק אָנפֿאַרטרויט“, ס. קאהן, דער עדלער עם האַרץ פֿון פּראַג, וואַרשע 1890. “אוצרות גרויסע וואָס מע האָט אים אָנפֿאַרטרויט, פֿאַר וועלכע ער טראָגט גרויס אַחריות“, אַש, תּהילים־ייִד. “דאָס שטיקל ערד וואָס מע האָט ארנדז אָנפֿאַרטרויט פֿאַרסמען מיר“, מלה II. „דער איינציקער אַנטרונענער האָט אָנפֿאַרטרויט זײַנע זעגלען צום קאַפּריזנעם ווינט„, הל, אין קיינעמס לאַנד.

􏰀

~פֿאַרטרויט — פּאַר􏰀 אַדי — אָ'ער סוד. אָ, געלט. דער אָ'ער צו רעדן אין אונדזער נאָמען —קייט.

.

מיט ז י ך — אָ'ען זיך דער דאָקטערשע. „אַ שיף וואָס האָט קיין שטאַרקע אַנקערס ניט קען איך מיך ניט אָ'“, רחלע דיא זינגערין, זשיטאָמיר 1868.

אָנסאַרטשעפּען — טרוו איצ, אימפּ נבּ;

..,,פֿאַרטשעפּעט. פּ[אַרטשעפּען אַ צאָל. נאָר אַ

-

-

בּיסל פֿאַרטשעפֿען. אָ, נאָך וואַגאָנען. ,,אַלעמען
מוזסטו אָ'?“ ,,איך האָבּ אים ניט געשלאָגן,
נאָר אָנפֿאַרטשעפּעט“.

אָן פֿאָרכט און טאַדל — אַדוו פֿראַזע, פּרעפּ
פֿראַזע. < ד.טש. אָן שרעק און אָן אַ פֿלעק.
“קומט ער צוריק דער העלד אָן , א, ט',,,
אַל II, 'דאָן קיכאָט'.

-

אָנפּאָן

-

אָנסאָרכטיק — אַדי. נעאָל□ וואָס איז אָן
פֿאָרכט, אָן מורא. אָ'ע אויספֿאָרשערס.

אָנפֿאַרלירן — טרוו. א□צ, אימפּ נבֿ; □י'
פֿאַרלאָרן. פֿאַרלירן אַ סך, פֿאַרשיידענע זאַכן. אַ
בֿריה אויף אָנצופֿאַרלירן וואָס מע גיט אים.
,,אַז איך וואָלט פֿאַרמאָגט וואָס ער האָט שוין
אָנפֿאַרלאָרן, וואָלט איך געווען אַ נגיד,,.

-

אָנסאַרמאָגן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ, ~
פֿאַרמאָגט פֿאַרמאָגן אַ סך פֿאַרשיידנס. אָ,
הײַ□ ,
זער און בֿרײַזער. אָ, מאַיאָנטקעס.

□

אָנסאָרמיק — אַדי. אָנפֿאָרעמדיק. וואָס האָט
ניט קיין פֿאָרעם. אָ'ע טריפֿלעך. אָ'ע סטיכיע.
אָ'ע שטיקלעך פּראָטאָפּלאַזמע. ־יקייט.

אָנפֿאַרמעגלעך — אַדי. נר. אומ[illegible]אַרמעגלעך.
וואָס האָט ניט קיין פֿאַרמעגן. אָ'ע פּויערים.
־קייט — h, [illegible]
.1918

אָנפֿאָ'רמענען — סרוו. ־מע אָן, ~געפֿאָרמעט.
לאָקל [וואו?], סטוטש. מאַכן מע זאָל 'זײַן
אין פֿאָרמע,. צוגעבן קוראַזש. אָ, די
ספּאָרטלערס, די אַקטיאָרן.

[illegible]

אָנסאָרן — אוטוו פֿאָר אָן, בּ י ן ~גע[illegible]אָרן.
.

1. פֿלוצעם אָנקומען מיט אַ פֿור אָדער אַן
אַנדער קאָמוניקאַציע־מיטל וואָס באַוועגט
זיך אויף דער ערד. „דער סעלייסקער האָט אים
געזאָגט דאָס איך פֿאָר דאָ באַלד אָן“, אמד,
דער סיוס התורה, ווילנע 1868. „זיך שוין ניט
געזען פֿון אַ שאָק מיט יאָרן. ווען זײַט איר
פֿאָרט אָנגעפֿאָרן?„, יעקבֿ מאיר ליפֿשיץ, אַ
וואָלוועלער ביסין, ווילנע 1892. „די פּאַסטעכער
דערזעענדיק אונדזער אָ, — זײַנען זיי זיך
צעלאָפֿן“, יק. „ווען טאַטע־מאַמע האָבן געדאַרפֿט

אָ', האָב איך אײַנגעפּאַקט אַ טלומיקל און בין
אַוועק פֿון שטאָט", באַש פֿאָר, 20 1965 XI.

—

קומען אָנצופֿאָרן = אָ'. „עס קומט אָנצופֿאָרן
פֿון אַלדי שוואַרצע יאָר אַ דײַטשל„, פּרץ,
בילדער און סקיצן. קומען אָנגעפֿאָרן = אָ'.
„קומט דאָ אַ ייִד אָנגעפֿאָרן אָן באָרד און אָן
פֿאות, אינגאַנצן פֿאַרשאָרן", א. מ.
שאַרקאנסקי, אידישע נגונים, נ„י תּרנ„ה. אָ, אַנ
טקעגן — אָנקומען פֿון דער פֿאַרקערטער ר
כטונג. „אַן אויטאָ איז אָנגעפֿאָרן אַנטקעגן און
עס איז שיִער־שיִער ניט געווען אַ
קאַטאַסטראָפֿע„. אָ, פֿון הינטן — „איז אונדזערע
פֿאַרשוינען אָנגעפֿאָרן פֿון הינטן און האָט זיי שיִער
ניט מזיק געווען מיטן דישל„, ממוס, מסעות.
2. (וועגן אַ פֿור, אַן אויטאָמאָביל, באַן)
אָנקומען. „די באַן וועט באַלד אָ'„. „די בויד איז
אָנגעפֿאָרן צו דער קרעטשמע„. „אַ לאָקאָמאָטיוו
וואָס איז סוף־כּל־סוף אָנגעפֿאָרן...„, אַקש,
קינדער פֿון איין פֿאָלק, מאָסקווע 1928. „
געקוקט... צי פֿאָרט ערגעץ ניט אָן אַ וואָגן",
פּמ, מלחמה I. „גלינג־גלאַנג פֿונעם אַסעסאָרס
אָנפֿאָרנדיקע בריטשקע„, ממוס, שלמה.
3. אַרויפֿפֿאָרן אויף עפּעס, עמעצן. אָ, אויף

אַ בּוים, אַ מענטשן.

4. (וועגן אַ צאָל מענטשן) אין איין אָרט, צוליבֿ דעם זעלבּיקן ציל אָנקומען פֿאָרנדיק.

אָ, א ו י פֿ ן יריד. אָ, אויף (צו) דער חתונה.

אָנפֿאָרן זיך

אַ, צו דער קאָנפֿערענץ. "צום וועד אַרבּע אַרצות
- -

זענען אָנגעפֿאָרן פּרנסים פֿון ווײַטע קהילות'..

,,אַ וועלט מענטשן פֿאָרן אָן צו דער וועלטאויסשטעלונג". "אין מײַן שטעטעלע צום רבּין פֿלעגן אָ, די חסידים,,, אַר, 'ערבֿ ראָש־השנה'.

5. אַקוזוו. פֿאָרן אַ סך, אַ גרויסן מהלך. אָ, מײַלן און מײַלן. אָ, אַ מהלך רבֿ.

6. אומגעריכט זיך ווענדן צו עמעצן מיט אַ געבּייזער, מיט שטרענגע רייד. אָנזידלען. אויך: אָנפּאַטשן. בּייז אָ, דעם קאָנקורענט [דאַטיוו]. אָ, ג ר אָ בּ עמעצן [דאַטיוו]. ,,האָסט שוין געדאַרפֿט הערן ווי דער טאַטע איז מיר אָנגעפֿאָרן!,,, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער.

7. אַרײַנפֿאָרן עמעצן אין די רייד. לאָז אים ענדיקן, וואָס פֿאָרסטו אָן.

אָנפֿאָרן זיך — ← דפֿוו. 1. פֿאָרן אַ סך מאָל, איבערגענוג. אָ, זיך יעדע וואָך אין כּרך אַרײַן. „[זאָל ער בלײַבן אין דער היים], ער וועט זיך נאָך גענוג אָ'„, פּרץ, ,מענדל ברײַנעס'. „געבן אַ פֿאָר אַרויס מיט די בוידן... ווי אַזוי זיי וועלן זיך עס אַ ביסל אָ'„, ש□, פֿונעס יאַריד. 2. זיך צונויפֿפֿאָרן, צונויפֿקומען □אָרנדיק. אָ, זיך אויפֿן יריד. אָ, זיך צום (אויפֿן) קאָנגרעס. „תּלמידים מכּל תּפֿוצותישׂראל פֿאָרן זיך אָן אַהער און דורשטן און לעכצן נאָך אַ שטיקעלע חידוש־תּורה„, י. א. לייזעראָוויטש□ דער זינדיקער, פּעטראָגראַד 1919. „נאָך פֿרישע ייִדן זענען זיך אָנגעפֿאָרן פֿון איוואַנקע גאָר„, סמב. 3. אָנהייבן זיך זידלען אָדער שלאָגן. אָ, זיך ווי די הענער. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־קע). ערײַ.

-

אָנסאָרעמדיק — אַדי. אָנפֿאָרמיק (←). וואָס איז אָן אַ פֿאָרעם ־יקייט.

.

אָנפֿאַרפּאַטשקען — אוטוו & טרוו. איצ,

אימפּ גבֿ; י., פֿארפּאַטשקעט. אָנשמוציקן פֿאַר־
.
פּאַטשקען (אין) אַ סך שטעלן. אָ, (אויף) די ווענט. אָ, די איבֿערגעשריבֿענע זײַטלעך.

אָנסאַרסירן — איצ, אימפּ נבֿ; ~פֿאַרפֿירט.
אוטוו — אָנשטיפֿן. ל2. "וואָס חבֿרה האָבן דאָ אָנפֿאַרפֿירט!". טרוו פֿאַרפֿירן אַ צאָל. אָ,
-
ישיבֿה־לײַט און זיי אַוועקרײַסן פֿון לערנען. אָ, מיידלעך.
אָנפֿאַרפֿעלן — אוטוו & טרוו. איצ. אימפּ נבֿ; ~פֿאַרפֿעלט. אַ סך דורכלאָזן. אָ, קלאַסן, לעקציעס. אָ, אין שול.
אנפֿארציילן — טרוו פֿאַרצייל אָן, ~(גע)־
— .
פֿאַרציילט. אָנדערציילן אַ סך פֿאַרשיידנס.
— ,
אָ, וואונדיירים. „מע האָט מיר אָנפֿאַרציילט פֿון איר זאַכן אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער", י. האַלפּערן, שיינדעלע, וואַרשע 1913. מיט

ז י ך — „מע פֿלעגט זיך אָ, פֿון זיי מעשׂות, בײַ די זײַטן [זיך] צו האַלטן — זייער קריגן זיך“, פּרץ, 'אַ קשיא אויף יענע לײַט„.. „איר ווייסט, ער איז דאָך אַ גרויסער אַפּיקורס, אַפּיקורס גמור. וואָס מע פֿאַרציילט זיך אָן פֿון אים שטיקלעך“, אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895.
־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

אנפֿארצן — אוטוו & טרוו פֿאַרץ אָן, ~

גע — .

פֿאָר ן, י.'געפֿאַרצט. וואול. אָנלאָזן גאַזן פֿון

קערפּער. אָ, אויפֿן געלעגער. אָ, ד גאַנצע שטוב.
י

אויך מיט ז י ך. —עניש.

אנפֿארקאַקן

— טרוו פֿאַרקאַק אָן, ~(גע)

סאַר

— .

קאַקט. וואול. 1. אָנשמוצן מיט צוֹאה. 2. במקום־ווערב פֿאַר אַלע פֿאָרמען פֿון שמוציק מאַכן און פֿון איבערפֿירן אַן אַרבעט.

אָנסאַרקנעטן — טרוו. איצ, אימפּ נבֿ; .־,
פֿאַרקנאָטן. סאַרקנעטן אַ סך פֿאַר פֿאַרשיידענע

מינים געבֿעקסן. אָ, טייג פֿון ראָזעווע און
ווײַסע מעל.
אנפֿארשטעלן
— טרוו פֿאַרשטעל אָן, ~(גע)־

פֿאַרשטעלט. אָנשטעלן אַ סך, וואָס פֿאַרשטעלט
אַ וועג, אַ דורכגאַנג. אָ, אײַזנס אין קאָרידאָר.
אָ, דעם קאָרידאָר מיט אײַזנס.

אָנסאַרשיטן — טרוו פֿאַרשיט אָן, ,
פֿאַר.
שאָטן. אָנשיטן און גלײַכצײַטיק פֿאַרשיטן.
אָ, אַלע גריבֿער מיט זאַמד.

-

אָנסאָרשקען — אוטוו. ־קע אָן, ~
געפֿאָרשקעט. אַרויסברענגען קלאַנגען ענלעכע צו
פֿרש־פֿרש (פֿון אַ פֿערד אָדער ווי אַ פֿערד).
,
אָ, און זיך לאָזן לויפֿן.

-

אָנסוגעווען — טרוו ־געווע אָן, ~געפֿוגעוועט.
.
(סטאָליערײַ) אָנשנײַדן, אָנזעגן פֿוגעס, רינעס,
פֿאַרטיפֿונגען אין האָלץ. אָ, ברעטלעך.

▯

אָנסוטערן — טרוו ־ער אָן, ~געפֿוטערט.
1. אָנקליידן, אָנטאָן (אין) אַ פֿוטער. אָ, די
וואָס לאָזן זיך אין וועג. 2. אַרײַנניייען
פֿוטער. אָ, דעם מאַנטל. געוויינלעך מיט ז י ך —
אָ, זיך איידער מע זעצט זיך אין שליטן.
אנפֿוילן
— אוטוו פֿויל אָן, ,י.,,געפֿוילט.

צו
.
פֿוילן. אַ ביסל קאַליע ווערן איבערן אָנהייבן
פֿוילן. „די פּירות וואָס פֿוילן אָן ווערט מען
נאָך קענען ניצן„. מיט ז י ך — אָ, זיך אַ
גאַנצן זומער ־ונג — „טאָמאַטן קריגן אַן
.
אָ, ביים ריף ווערן“, פֿאָר, 1966 I 28.

-

אָנסורעמען — טרוו. ־רעם אָן, ~געפֿורעמט.
מאַכן אַ גרעסערע צאָל זאַכן אין (לויט) אַ
פֿורעם. אָ, בלעכלעך מיטן נאָמען פֿון
קאַנדידאַט. אָ, מנורהלעך זיי אַרײַנצושטעקן אין לאַץ.
־ונג.

-

אָנסיבערדיק — אַדי וואָס איז אָן פֿיבער,
היץ. אַן אָ'ע קרענק.

-

אָנסיגן — טרוו. אַרכ. an t e : ־ צוגעבן, צולייגן. פֿאַרבינדן. „טונין זיא אבר איינם פֿון אונזרי גישלכט אַן פֿיגין,„ מרדכי, ז, 32.

אָנפֿידל — טרוו ־דל אָן, ~געפֿידלט.

ען .

1. אויפֿשפּילן אויף אַ פֿידל (אַן אָנהייב פֿון אַ ניגון). אָ, און געבן דעם טאָן. 2. אָנציִען, פֿאַראינטערעסירן מיט עפּעס וואָס איז ניט אמת. אָ אַ חבֿר, אים אָנבאָטן גילדענע געשעפֿטן.

,

3. אָנפֿײַפֿן, אָפּנאַרן.

-

אָנסיטן — טרוו פֿיט אָן, ~געפֿיט(עט). אַמ.

.

on to: < . אָנפֿאַסן. מאַכן עס זאָל פֿאַסן. אָ, די הויזן, דאָס קליידל אע

-

אָנסיטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געפֿיטערט.

1. געבן גענוג פֿוטער, שפּײַז פֿאַר בהמות.
אָ, די קי אין שטאַל, אויף דער פּאַשע. ,,איצט

□ □

אָנפּײַפּן

□ □

קען מען שוין פֿאָרן... דעם פֿערד האָב איך
גוט אָנגעפֿיטערט,,, י. ד. טאָיב, דער קדיש.. ,
ווילנע תּר□'ט. 2. געבן גענוג צו עסן, צו
זײַן זאַט. אָ, די קינדער איידער זיי גייען אַרויס
זיך שפּילן. 3. פֿיג. אָ, דעם עולם מיט
פּראָפּאַגאַנדע. ,,זיי וועלן אָ, זייערע שווערדן מיט
פֿלייש“, זשיט III□י, נ“י 1917. מיט ז י ך.
־ונ□. ־ניש.

-

אָנסיטשקען — טרוו ־קע אָן, □ ,געפֿיטשקעט.

.
גרינג, מילד אָנשמײַסן. „מע דאַרף אים גוט אָ,
אין אָחור אַרײַן“, י. טיגער, דער צדיק און דער
בעל־תּשובֿה ־עניש.

-
אָנסייכטן — טרוו פֿײַכט אָן, ~געפֿײַכט.

אָננעצן. מאַכן אַ ביסל פֿײַכט. אָ, אַ טיכעלע
מיט אָדעקאָלאָן.
אנפֿײַלן — טרוו פֿײַל אָן, ~געפֿײַלט. 1.
אָנ
הייבן פֿײַלן, צופֿײַלן. אָ, די קלינגלעך פֿון אָ
שער וואָס איז ניט גענוג שאַרף. אָ, די נעגל.
2 פֿאַרענדיקן פֿײַלן פֿאַרן אָ, איז געווען

[= האָט מען באַצאָלט] אַ פּים“, תּי, שמואל א,
יג, 21. 3. פֿײַלן אַ צאָל, אַ סך. אָ, אַלע
קאָסעס. ־ונג. עניש.

אנפֿיינדן — סרוו פֿײַנד אָן, ~געפֿײַנדט. פּפֿ:

~פֿיינטן. אָנהייבן פֿײַנט צו האָבן. ,,

איטלכר בר־ישׂראל... זאָל ניט פֿון איין שיבוש וועגן זײַן חבֿר אַן פֿײַנדן,,, לט1, קיא/א. מלל פֿאַרטײַטשט 'לשׂטנו, (זכריה, ג, 1): ,,אַן צו פֿײַנדין" [תּי: ,,פֿאַרקלאָגן"]. ,,אַזוי ווערסטו געפֿעלשט פֿאַרלאַכט און אָנגעפֿײַנט,,, לע, דער ייִד אויפֿן יס.

אָנסייערן — טרוו ־ער אָן, ~געפֿײַערט.

1. מאַכן עס זאָל זײַן פֿײַערדיק, רויט. אָ אַ שטיק אײַזן. 2. באַשיסן. אָ, דעם שׂונאס פּאָזיציע. 3. אָנהעצן, מאַכן מע זאָל ווערן אויפֿגעקאָכט, צעהיצט. ,,צוויי 'כּישוף־מאַכערינס, וועלכע האָבן די קאָזאַקן אָנגעפֿײַערט

צום קאַמף,,, מתּתיהו מיזי, ייִבל 1 ,XIII־2.
אויך מיט ז י ך. ־ונג.

-

אָנסייסן — טרוו & אוטוו פֿײַף אָן, ~געפֿײַפֿט
—
.

(אויך: ...,געפֿיפֿן). 1. (אויס)פֿײַפֿן אַ צאָל מעלאָדיעס. אָ, אַלע לידעלעך וואָס מע קען.

2. צו ײַפֿן. מיט אַ פֿײַף צוווּענדן צו זיך. אָ, דעם חבֿר [דאַטיוו] וואָס גייט פֿאָרויס.

3. אָנהייבן פֿײַפֿן, אַ ביסל פֿײַפֿן. אָ, אין פֿײַפֿל און עס אויספּרוּוון. ,,דער פֿלייטער שמועסט איבער שטיל מיט דער פֿלייט, זי פֿײַפֿט אים שטילערהייט אָן,, [ווש מיט ב], ממוס, מסעונ.

4. (אָנ)בלאָזן. אָ, אַן עוף אין הינטערחלק כּדי צו זען ווי פֿעט דאָס איז. ,,עשׂ וואָר אים אַשׂ [= אַז] היט [= העט, וואָלט] אין איין גאַנז אָן גיפֿפֿיפֿן,, [אַזוי רויט איז ער געוואָרן], בבֿאבוך, lll. ,,דער ווינט האָט זי [די נאָז] געשטשיפּעט און מיאוס איר אָנגעפֿײַפֿט,, [ווש מיט ב5], ממוס, ווינטש.

5. אָפּנאַרן. באַשווינדלען. גוט אָ, עמעצן. אַ, בײַ אַ משׂא־ומתן. אָ, אין חשבון. אָ, אין מזונות
י

און ניט געבן גענוג צו עסן. *אָ, אויף טערקיש = אינגאַנצן אָפּנאַרן. *אָ, אין היטל און אין

אַנפּילאַדע

קיטל = אָ, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אינגאַנצן. אָ אַ כאָל(י)עווע — דז. „דער שיקזאַל האָט
,
זיי טיבטיק אָנגעפּײַפּט דאַמיט וואָס ער האָט זיי אַנשטאָט גליק געגעבן טאַלענט,„ דער לאַנד חכם, נ„י 1894, No l0. „געהאַט אַ פּראָצעס מיט זײַן שותּף.. וואָס האָט אָנגעפּײַפּט מחילה אין די ערדקוילן„ [אויך ב6], שע, סענדער בלאַנק. „עס גיבט אַ סך אונטער ייִדן וואָס האָבן זייער ליב צו רעדן מיט אַ פֿײַף. פֿון אַזעלכע מענטשן הערט מען אָפֿט די אויסדרוקן: ,איך פֿײַף דיר אָן אין דײַן יחוס, [ב7]... 'איך וועל דיר אָ, אינעם מעקלערײַ„ ,אײַ, איך זאָל עפּעס קאָנען אָ, אַזוי גראָב, [ב6], 'אָט אַזוי אָ, איז כּדאַי, [ב6]„, ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות, אַדעס 7 1883' No.

6. ספּעצ. אָנזעצן, ניט באַצאָלן. באַנקראָטירן. דערפֿירן צו אַ היזק. אָ, אויף שיינע טויזנטער.
*אָנגעפֿיפֿן און אַ גוטן טאָג — באַנקראָטירן און אַנטלויפֿן אין אַ ווײַט לאַנד. „איין ברודער דעם אַנדערן מעג אָ,“, שוו. „אַ ייִד, איידער ער באָרגט, גייט ער אַרום און זאָרגט, און קומט דער זמן־פֿרעון פֿײַפֿט ער יענעם אָן“, שוו.
.---
„ווי עס [דאָס ברויז] פֿײַפֿט!... איך האָב מורא אַז עס וועט אונדז צום סוף אַלעמען אָ',„ אַר, אַריה־לייזערס פֿערד'. „אַהאַ!... [ער] האָט
,
אָנגעפֿײַפֿט אַלע געהויבענע בעלי־בתּים און גייט מער ניט צו זיי,„ בערג, בײַם דניעפּער I. „
אָנגעפֿיפֿן דיך — וועגן די 00 '3 פֿונט מעגסטו שוין פֿאַרגעסן“, פּנחס גאלדהאַר, דערציילונגען ון אויסטראַליע, מעלבורן 1939.
7. זיך אינגאַנצן ניט רעכענען מיט עמעצן אָדער עפּעס פֿײַפֿן אויף עמעצן. אָ, עמעצן
.
אין דער ב אָ ר ד. אָ, אין זײַן י ח ו ס. „איז דען יעדער ייִד ניט אַ שולחן־ערוך אַר זיך? אָט פֿײַף איך אָן דעם רבֿ,„ ייִל, דער

..

סטאָטעק II, אַדעס 1876. "צו באַקומען נײַע תּלמידים, קינדער, און אָ, יענעם אין חדר„, ממוס, 'חג האָסיף,.

אויך מיט ז י ך — „דער חכם־בלילה האָט זיך אַליין אָנגעפּיפּן". ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אַנפֿילאַדע — די, ־ס. < איי < פֿר. לאַנגע ריי צימערן אָדער אַרקאַדן מיט אַ נאָכאַנאַנדיקן דורכגאַנג. „די הײַזער פֿון די אינזשעניערן האָבן געקרעכצט מיט זייער פּוסטקייט און האָבן געשראָקן מיט שוידער פֿון זייערע אַ'ס„, ש. גאָדינער איבז, גלאַדקאָוו, צעמענט, מאָסקווע .1927

אָנפֿילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנפֿילן. פֿאַמעלעכדיקע אָ, מיט גאַזן. די אָ'ס־לאָך פֿון אַ האַנטגראַנאַט. צאָן־אָ'. 2. דאָס מיט וואָס מע פֿילט אָן, אָנפֿילעכץ. באַטעמטע אָ, פֿלאָדן, געקנעטן אויף מער

„ .

אייער מיט אַ בי ל וואַסער — [מאַכט מען] בורא מיני מזונות און [מע] דאַרף ניט מאַכן אַ באַזונדער[ע] ברכה אויף דעם אָ'", ברכות מנחם, [קעניגסבערג תּרי"ח], פֿה/א.

אָנפֿילן — טרוו פֿיל אָן, ~געפֿילט. 1 פֿול

 . .

מאַכן עפּעס וואָס מע קען אין דעם אַרײַנלייגן,

1624

אַרײַנשטאָפּן, אַרײַנגיסן, אַרײַנשיטן אע. אָ, די בעכערס מיט ווײַן. אָ, דעם רוקזאַק מיטן נייטיקסטן פֿאַר דער נסיעה. אָ, דעם וואַגאָן מיט סחורה. אָ, אַ טאַנק מיט בענזין. אָ, אַ פֿעדער מיט טינט. אָ, אַ צאָן מיט אַ פּלאָמבע. אָ, די קעשענעס, דעם טײַסטער = רײַך ווערן. זשויבן געלט. *אָ, דעם חומר (דעם בויך, דעם מאָגן, די קישקע) = זיך גוט אָנעסן. „ווען מע זאָל מיר אָ, די שטוב מיט רענדלעך... (טו איך עס ניט)" פֿוול „אַ לעכערדיקן זאַק קען מען

,

ניט אָ'"; "אַ גרוב קען מען מיט איר אייגענער ערד ניט אָ,", שוו. „אי [= איידער] ער זיך זעצט צום טיש, דא זול מן פֿאַר גין אויף דז בית הכּסא אונ, זיך אויש לערין, דא מיט דז דער מאגין אונ, די גידערים זולין ריין זײַן אי ער זי ווידר אַן בוילט", בראַנט, פּרק

מ. „בּיז די קערות פֿלעגן ענדלעך ווערן
אָנגעפֿילט מיט געלט„, אַר, 'די קערה„. *אָ, דעם
בּ ו י ך מיט ש״ס און פּוסקים = אַ סך לערנען
און קענען ש״ס און פּוסקים. [פֿאַרוואָס זאָגט
„
מען ניט: אָ, דעם ק אָ פּ? ווײַל אָ, דעם בּויך
דאַרף מען יעדן טאָג, אַזוי דאַרף אויך דער
למדן זיך פֿילן אויפֿסנײַ הונגעריק און וויסן
אַז מע האָט קיינמאָל ניט פֿאַרענדיקט לערנען —
אין נאָמען פֿון דעם קאָצקער רבּי.] אויך פֿיג.
„די ליכטיקייט פֿון אין־סוף בּרוך־הוא וואָס
פֿילט אָן אַלע וועלטן“, תּניא, לז. „די גאַנצע
מי פֿון מענטשן איז פֿאַר זײַן מויל, און
פֿונדעסטוועגן ווערט די זעל ניט אָנגעפֿילט“, תּי,
קהלת, ו, 7.
2. מאַכן עס זאָל זײַן אַ סך מענטשן (און עס
זאָל ווערן ענג אין לאָקאַל). אָ, דעם זאַל מיט
געסט. אָ, דעם טעאַטער. אָ, די אַכסניה מיט
אײַנשטייערס. „,... זיך פֿאַרנומען מיט פֿיל
מענטשן וואָס פֿלעגן אָ, דעם זיידנס שטובּ“,
יק „מע האָט בּתּי־מדרשים אָנגעפֿילט, מע האָט
תּעניתים אויסגערופֿן“, אַש, תּהילים־ייִד.
3. בּײַם גרייטן שפּײַז אַרײַנגעבּן אַ פֿילעכץ.
אָ, קרעפּלעך מיט קעז (פֿלייש, אײַנגעמאַכטס

אאַ). אָ, די טשאַסטעס מיט יאַגדעס. אָ, כרעמדזלעך. אָ, פֿ י ש = אַרײַנגעבּן אין שטיקלעך פֿיש, צווישן דער הויט און די בּיינער דאָס ווייכע פֿון פֿיש, וואָס איז צעהאַקט און צונויפֿגעמישט מיט בּאַטעמענדיקע מאַטער אַלן.
,

אָ, אַ ה ע ל ד ז ל , אַ ק י ש ק ע.

4. פֿול מאַכן מיט עפּעס וואָס די חושים קענען אויפֿנעמען. אָ, די שטוב מיט ריחות. אָ, דעם זאַל מיט טענער פֿון פּיאַנאָ. „זון פֿילט מיט ליכט אָן די טונקעלע ישיבֿה,„ ייִש איבּז, ח. נ. בּ אַליק, 'דער מתמיד'. „די נאַכט ווערט
,

אָנגע□ילט מיט אוממענטשלעכע קולות... מיט די געשרייען פֿון אומגעזעענע בּרואים“, אַש.

5. אַרײַנגעבּן, אַרײַנבּרענגען אין אַ גרויסער מאָס. אָ, אַ ראָמאַן מיט נאַטור־בּאַשרײַבּונגען. אָ אַ שטודיע מיט איבּעריקע פּרטים. אָ אַ
,

רעדע מיט אַלטע וויצן. אָ, דעם חינוך מיט מער גײַסטיקייט. „וכדברים האלה יותר דיא ניט ווערט זײַנין דא[שׂ] פּאַפּיר מיט אַן צו פֿילין“, גה, 164. „ווען טאָלסטאָי זאָל האָבּן פֿראַקטיצירט וואָס פֿילט אָן זײַן שאַפֿן...„,

אָנפּינ ערן

שנ, קריטיק און קריטיקער. ,,האָט אָנגעפֿילט
אַ גרויס בוך מיט זכרונות,,, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען. ,,מיט מוח־בילדער... אומזיסט
די שוואַרצע פֿוסטקייט אָ, געזוכט,,, יהואָש,
'נאַכט־מחשבֿות'.

6. אַרומנעמען דעם אינעווייניקסטן מענטש.
אַרײַנדרינגען אין דער נשמה און אַזוי ווי פֿול
מאַכן זי מיט אַ געפֿיל, אַן איבערלעבונג. אָ,
עמעצן מיט אַ גלוסטונג, מיט דערהויבנקייט.
אָ, מיט חשדים און שרעקענישן. אָ, מיט הך[־
להבות. ,,וויפֿל משהס ה אַ ר ץ איז ניט
אָנגעפֿילט געוואָרן מיט ציטערניש און פֿרייד איבער
דעם גרויסן מאָמענט...,,, אַש, משה. ,,ווען די
שׂמחה פֿילט אָן דאָס ה אַ ר ץ , דאַן גייט
מען אַ ריקוד איינער קעגן דעם צווייטן'', לדב,
'מאמר שמע''צ', נ''י תּ''ש. ''זוניקייט איז אויך
עלול אָנצופֿילן דעם מענטשן מיט אומעט'',
א א, איק, ר,,ה תשכ,,ז. אָ, דעם ק אָ פּ מיט
תּורה (חכמה, וויסן אע. אויך: מיט מחשבֿות

זרות, מיט פֿוסטע דודעס אע).
אָנפֿילן זיך — ← דפֿוו. צום בּ 1: דאָס פֿעסל
פֿילט זיך אָן מיט רעגנוואַסער. ״ר, שמעון בּן
יוחאי האָט... געזאָגט: טאָל, טאָל, פֿיל זיך
אַן מיט רענדלעך! און ער האָט זיך אָנגעפֿילט
טאַקע בּאַלד,,, ממוס, ווינטשפֿ. צום בּ2: ,,דער
זאַל פֿילט זיך אָן מיט צוהערערס,,. ,,די וועלט
ווערט ענג ווי אַ שטובּ אין וועלכער עס האָט
זיך אָנגעפֿילט צו פֿיל מענטשן,,, אַש,
תּהיליסיִנד. צום בּ4: ,,אירע פֿאַרוויינטע אויגן פֿילן
זיך אָן מיט גלאַנץ״, ד. י. זילבּערבּוש, מענשען
און געשעהענישען II, ווין 1931 פֿילט די
,, .
לופֿט זיך אָן מיט לידער, מיט געזאַנגען
אַלערליי״, אַבֿרהם מאָשקאָוויטש, פֿון אַרגענטינע, בּ,,א
1960. צום בּ6: אָ, זיך מיט שטאָלץ.
אָנפֿילעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס פֿילט ניט.
וואָס קען ניט ▯ילן. אָ'ע הויט. אָ'ער מענטש.
־יקייט.
אָנפֿיל עכץ — דאָס, ־ן (־ער). 1. דאָס מיט
וואָס מע פֿילט אָן (▯. אָנפֿילן, בּ3). (גע)
פֿילעכץ. דאָס גע▯עפֿערטע אָ, פֿון אַ קישקע.
2. די גאַנצע שפּײַז וואו עס איז דאָ פֿילעכץ.

---„ — ווילט איר דעם טשאָלנט מיט אָ'?„ [= מיט
אַ געפֿילט העלדזל, מיט אַ שטיק געפֿילטע
קישקע], רייד (ת„אָ). ־עניש. ־ער —
„וואו איז דער אָ'? מײַן אדיטאָ האָט ניט קיין
טראָפֿן גאַזאָלין„, רייד (נ„י).

--

אָן סינגער — אַדוו פֿראַזע. אָן צולייגן אַ
פֿינגער צו דעם וואָס מע האַלט אין אָפּוועגן.
געבֿן ריכטיקע וואָג, אָן פֿ'. "אַ נײַע יאַטקע
פֿון כּשר פֿלייש... דער פּרײַז איז 8 קאָפּ,
דאָס פֿונט... ומשקל צדק אָן פ'„, קמ, 1865,
No 43, מודעה.

-

אָנסינגערן — טרוו & אוטוו ־ער אָן, ~
גע.
פֿינגערט. 1. אָנרירן מיט די פֿינגער. לאָזן

סימנים מיט (אַ) פֿינגער. „די גלעזער האָבּן געבּלאַנקט, נעמסטו און פֿינגערסט זיי אָן,,.

2. אָנוויַיזן אויף עמעצן אָדער עפּעס מיט (אַ) פֿינגער. אַרויסגעבּן. מסרן. אָ, אויפֿן גנבֿ.

אַנפּינדן

אַנפֿינדן — טרוו. אַרכ.; Mhd: e--vin(1e
n ו][i][em. געבּן צו פֿילן. לאָזן פֿילן.
„... דאשׂ ערשׂ אין דען בֿוישן אונטן מושׂ אַנפּפֿינדן", שמואל־בּוך, סטראָפֿע 655.

אָנסינצטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געפֿינצטערט. מאַכן (אַ ביסל) פֿינצטער. „מע קען אָ, ס'לעבּן אי מיט קללות אי מיט שטומעניש,,. אָ, אַ טייל

פֿון דער בינע. מיט ז י ך — ,,זײַנע ברעמען
האָבן זיך אָנגעפֿינצטערט,,, ימ, 1930. ,,ווייכער
אַ ביסעלע! דו פֿינצטער זיך ניט אָן,,, אי.
קיפּנים איבז, דאָס א□ יִז גייט, קיִעוו 1930. ־ונג.

□

אָנסיסיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין פֿיס.
אָ'ע אַמפֿיביעס. ,,ס'האָבן אָ'ע זיך
אויפֿגעשטעלט...“, פּמ, מלחמה II. אָ'ע — פֿיש
וואָס זעען אויס ווי שלאַנגען. זיי זײַנען טרייף.
אָן שופּן, די הויט איז האַרט און אײַליק.
.A]קo(□e□

□

אָנסיצקען — טרווּ ־קע אָן, ~געפֿיצקעט.
- -

□

אויך: □י־,פּיצן, ~פּיצעווען. אָנשמײַסן,
אָבער ניט צו שטאַרק. ,,בײַ לײַטן אַ טאַטע
לייגט אַנידער און פֿיצקעט אָן,,, שע, 'לג בעומר'.
,,כ'וועל אים, שלמהלען, גוט אָ'“, מ. בורשטין,

בײַ די טײַכן פֿון מאַזאָוויע.

▯

אָנסיר — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנפֿירן. אַן אָ, מיט אַ פֿעסטער האַנט (שטאַרקן ווילן). „איז דער אויפֿשטאַנד געגאַנגען און זיך אַנטוויקלט אָן קיין שום אָ'„ מ. שאַפּיראָ און כ. ליוויקס איבז, שריפֿטן פֿון אַ שערער, קיִעוו 1934.

אָנפֿירונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנפֿירן. גוט פּלאַנירטע אָ,. „האבּ גוטי אַן פֿירונג און, אַן ווײַזונג צו טוהן„, מאַרשן, לשון זהב, אַמשט תּצ"ד. 2. גרופּע (יחיד) וואָס פֿירט אָן. אַ געשעפֿט אונטער אָ נײַער אָ'. „אַמעריקע איז אָרײַן אין דער מלחמה... אונטער ייִדישער אָ'", מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן.

--

אַנסירן — טרוו. אַרכ. אַנטפֿירן'. אַוועקפֿירן.

,

אַוועקרויבּן. „דוא ווילט [= ווילסט] מיר אי אַנפּפֿירן דען רעכטן װײַנד מײַן", שמואל־בּוך,

סטראָפֿע 501.

--

אָנסירן — טרוו (אויך אוטוו) פֿיר אָן, ~ גע.

פֿירט. 1. ברענגען צו פֿירן אַ סך. אָ, גענוג סחורה. אָ, ציגל, ליים.

2 פֿאַרוואַלטן. דורכ ירן די טעטיקייטן פֿון

.

אַ ראָש. האָבן כסדר השגחה איבער דעם וואָס מע טוט אין אַן אָרגאַניזאַציע, אינסטיטוציע, אונטערנעמונג, געשעפֿט או. באַשטימען דעם אופֿן וואָס און ווי מע זאָל טאָן. אָ אַ געשעפֿט,

,

אַ קאָמערציעלע אונטערנעמונג. אָ אַ פֿאַראיין,

,

אַ געזעלשאַפֿט. אָ אַ שול, אַ ישיבֿה. אָ אַ

, ,

קאַמף, אַ מלחמה. אָ, אַ געלט־קאַמפּאַניע. אָ, אַן אָרקעסטער. אָ, דעם פּאַראַד. „דער אייבערשטער מאַכט זיי זײַן און באַלעבט זיי און פֿירט זיי אָן„, תּניא, קפּ. „אַליין האָט ער אָנגעפֿירט די אָבלאַווע אויף די יונגע פּריצים“,

אַש, תּהילים־ייִד. "ניט לאַנג צוריק האָט נאָך... אָנגעפֿירט די מלחמה מיט גרויסער תּקיפֿות,,, בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. [בּאַווירקט פֿון סל, נ צט מען: אָ, מ י ט — נר.] "מיטן

162

געשעפֿט האָט אָנגעפֿירט דאָס ווייַב זיַינס,,, הרבֿ לוי גליקמאַן, זכרונות בית לוי, קעשענעוו .1934

3. אָנהייבּן פֿירן. גורם זיַין. אָ, אַ מחלוקת, אַ קריגעריַי. 4. אַ לענגערע ציַיט פֿירן. אָ, אַ מחלוקת יאָרן־לאַנג. אָ, מחזקות.

5. איַינגאַדזיען. איַינפֿירן. אָ, שלעק מיט כאָלערעס. *דער רוח האָט אים אָנגעפֿירט = דער ניט־גוטער האָט אים געבּראַכט אַהער.

6. אָנגעבּן מעשׂים. קאָמאַנדעווען. ווילדעווען. יונגאַטשעווען. ,,ווײַ, וויי, וואָס די קינדער האָבּן דאָ אָנגעפֿירט!,,..

7. אַרכ. איַינרעדן. אָנרעדן. ,,זיא האבּן אין דרום דר שלאָגן דז ער זיא אַן גיפֿיר[ט] האָט די גזילה צו טאָן", שו"ת פּני יהושע, אַמשט .1715 ,,דא וואַר ער פֿון אונטר שידלכי שׂונאים אַן גפֿירט, ער זאָלט שריאַן...,,, 'אַ פּראָגער

פֿאַמיליען־מגילה,, 1732 [וואַכשטיין־בוך, ייִוואָ].
8. דטשמ. נר. דערמאָנען. ציטירן. ברענגען ווי אַ בײַשפּיל, אַ באַווײַז. ,,.... גערעדט ווי אויך אַנדערע זאַכן שיינע אָנגעפֿירט,,, ליאָנדאָר, בש, ווילנע 1844. ,,וועל איך דיר דאָ אָ, אַ פּאָר שיינע ערציילונגען פֿון דעם דובנער מגיד,,, אמד, באָרוסקע דער שומר, ווילנע 1871. ,,אָ, אַ היפֿשע צאָל נעמען פֿון סאָציאַליסטישע גדולים“, זשיט III□י, נ“י 1919. ־עכ□ן. ־עניש.

□

אָנסירנדיק — גערונדיוו, אַדי. אויך: וואָס האָט אַ השפּעה, אַ דעה. וואָס שפּילט די הויפּטראָלע. די אָ'ע חבֿרים פֿון דער פּאַרטיי.

-

אָנסירעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אָנפֿירן, וואָס לאָזט זיך אָנפֿירן. ,,ס'איז אַזאַווילדע אונטערנעמונג אַז זי איז ניט מער אָ'“. ־יקייט.

-

אָנסירער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס פֿירט אָן. דער אָ, פֿון דער אַרמיי. די אָ'ס פֿון אויפֿשטאַנד. אָ, פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק. „אירי אַן פֿירר זײַן גיוועזן צוויי חשובֿי לײַט“,

אַלכּסנדר מענדר עטהויזן, בּית י)ראָל ובֿית הבּחירה, אַמשט 1724, ח'. „געווען עלטסטע און אָ, פֿון זייער שבֿט ראובֿן“, אַש, משה. “די אָ, האָבּן... גערעדט מיט לײַבּ און לעבּן וועגן דעם געוואונענעם שטרײַק„, אָפּאַ, , קוילנגרעבּערס'. “דער לערער מיטן משׂכּיל זענען די אָ„ זיי שאַפֿן אַ בּיסל געלט... מע קויפֿט אַ האַלבּ טוץ בּיכלעך„, א. בּערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926.

-

אָנסירעריש — אַדי. וואָס האָט די טבֿע אָנצופֿירן. וואָס איז פֿון (ווי בּײַ) אַן אָנפֿירער. שפּילן אַן אָ'ע ראָלע. אַ מענטש מיט אָ'ע פֿעאיקייטן —קייט.

.

אָנפֿירערשאַפֿט — די, ־ן. 1. גרופּע וואָס פֿירט אָן. אָ, פֿון פֿאַראיין. מיטן פּנים צו דער אָ'. 2 פֿונקציע, טעטיקייט, ראָלע, דעה פֿון

-

.

אָנפֿירער(ס). אונטער דער אָ, פֿון....
אָפּטרעטן די אָ', איבערנעמען די אָ'.
אנפֿלאדערן — טרוו ־ער אָן, ~געפֿלאַדערט.

—

.

1. פֿירברענגען עפּעס, טאָן עפּעס ניט־
דורכגעטראַכט, אָן אַ סדר. אָ, ווי אַ שוויצער, ווי
אַ דרייער. אָ, און אַוועקפֿאָרן. 2. זאָגן,
אָנדערציילן אַ סך ליגנס. אָנליגנערן. אָ, דער כּלה

אָנפֿלי

ניט־געשטויגנס, ניט־גע ל

פֿליאַויגנס. אויך: י־,
דערן. פֿרגל: אָנפֿלעדערן.
אנפֿלאַטערן — אוטוו ־ער אָן, ~
געפֿלאַ .
טערט. אָנהייבן פֿלאַטערן. אָנקומען
פֿלאַטערנדיק. „אַ קיל ווינטעלע פֿלאַטערט אָן„,
י. מאַניק, 'פֿאַרטאָג'.
אנפֿלאַמען — טרוו פֿלאַם אָן, ~געפֿלאַמט.

מאַכן עס זאָל פֿלאַמען, ברענען מיט אַ פֿלאַם,
זײַן זייער הייס. אָ, דעם אויוון. אָ, די באָד.
אָ, די באַקן זיי זאָלן ווערן צונטער רויט.
פֿאַר ראָכלעלען האָט מען צו קנאַפּ
אָנגע
לאַמט דעם אויוון,,, שירע גאָרשמאַן, דער
קויעכ פֿון לעבן, מאָסקווע 1948. אויך מיט
ז י ך — אָ, זיך און שאַרף פּראָטעסטירן.
אנפֿלאנצן — טרוו פֿלאַנץ אָן, ~געפֿלאַנצט.
—
1 פֿלאַנצן אַ סך. אָ אַ שלל ביימער, אַ גאַנצן
,
באַרג. אָ, די בייטן מיט בוריקעס. 2
פֿאַר.
פֿלאַנצן אָבער ניט גענוג טיף, ניט גענוג
האַלטעוודיק. אָ, קאַרטאָפֿל וואָס אַ גרויסער רעגן
קען קאַליע מאַכן. 3. אַנשטאָט אײַנפֿלאַנצן.
נר. "איר ועט... עס בירושה אָ, אין די
הערצער פֿון אײַערע קינדס־קינדער", ייִל איבז,
נתן החכס, אַדעס 1884. ־ונג. ־עניש.
אָנפֿלאַסטערן — טרוו. ־ער אָן, ~
געפֿלאַסטערט. 1. אַרויפֿלייגן פֿלאַסטער. אָ, אַ שאָסיי

מיט בעטאָן. אָ, דאָס פּנים מיט באַנדאַזשן.
2. אָנקלעפּן פּלאַקאַטן, אַפֿישן אע. אָ, די ווענט
מיט וואַלאויפֿרופֿן ־ונג.

.

אנפֿלאקערן — טרוו ־ער אָן, ~געפֿלאַקערט.

 — .

1. מאַכן עס זאָל פֿלאַקערן, עס זאָל בּרענען
מיט אַ העל פֿײַער. אָ, געהילץ. "אין מיטן
דאָרף ווערט מען אָ, אַ ש ער", מ. זאָנשײַן,
היימיש, אָקט, 1961. 2. מאַכן עס זאָל זײַן
זייער הייס. אָ, דעם אויוון, די בּאָד אע. אויך
פֿיג. א, דעם עולם. אויך מיט ז י ך פֿרגל:

 .

אָנפֿלאַמען.

אָנפֿלוכן — דטשמ. דזוו אָנשעלטן ←. „האָט
אים געגנוג אָנגעשאָלטן און אָנגעזידלט און
אָנגעפֿלוכט", אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע
.184

אָנפֿלוס — דער, ־ן. דזוו אָנפֿליס, אָנפֿלייץ,
צופֿלוס. אַן אָ, פֿון אומריין וואַסער. אַן אָ,
פֿון רייד און רייד.

אָנפֿלי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנפֿליִען. אויך: אָנפֿאַל. אָ, פֿון פֿייגל. אָ,

פֿון עראָפּלאַנען. אָ, פֿון קאָזאַקן אויף זייערע
פֿלינקע פֿערד. דעם שׂונאס אָ'. אָ'ען פֿון
סאַמומען. "בייזע אָ'ען פֿון שנײַדיקן געוויטער",,,
האָפֿ, אין טאָוול פֿון ווענט, 1926. ,,אַזוי פֿיל רו
אין אָ, פֿון גערעאַנגל ניט פֿאַרהיט", אַקש, בּרויז
(לידער), מינסק 1928. ,,,,אויף זײַן קײַלעכדיקן
פּנים האָט זיך בּאַוויזן אַ ראָזלעכער אָ',,, פֿײַוול
סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר, קיִעוו 1932. ,,די
עטלעכע אויפֿלאַגעס פֿון ענגלישע

איבּערזעצונגען... זײַנען פֿאַרבּרענט געוואָרן בּ
אַליי

א רטע אָ'ען", מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. אָ'־
בּ אַ ה אַ ל ט ע ר פֿון דעם שׂונאס
אָנפֿלי־־־־־.
ענדיקע עראָפֿלאַנען, מוו, ייִשפּ I, 6.

אָנפֿליאַסקען
אנפֿליאסקען — סרוו ־קע אָן, ~געפֿל

אַס — . י
קעט. 1. אָנפּאַטשן (מיט אַ געהילך). אָ,
די בּאַקן. אָ, זײַן פּענעצל. 2. אָנשמירן מיט
אַ געקלאַנג וואָס איז ענלעך אויף פֿלס־פֿלס.
שלעכט אָנשמירן, אָנפֿאַרבּן. ,,די שול וואָלט

שענער אויסגעזען, ווען זי וואָלט זײַן גלאַט
אויסגעווײַסט... ניט אָנגעפּליאַסקעט מיט
פֿאַרשיידענע פֿאַרבן,,, ארז, קמ, 46 1868, No.
אָנפּליגלדיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין
פּליגלען. אָ'ע אינסעקטן. אָ'ע באַשעפּעניש. ,,די
שטרויספּויגלען זײַנען אין תּוך אָ,, זיי קענען
דאָך ניט פּליִען" פּיג. ,,עס איז דערווײַל נאָך
.
נישט געווען אין ערגעץ אַזעלכע דרײַ
הונדערט יאָר וואו יִידישע דערציאונג זאָל זײַן
אַזוי קורצזיכטיק... אַזוי אָ', אַזוי
כּלאַחריד ווי אין אַמעריקע", יעקבֿ לעשטשינסקי, דאָס
נאַצ אָנאַלע פּניס פּון גלות־יִידנטוס ־יקייט
ד .
— די אָ, פּון דעם נעבעכדיקן פּראָיעקט.
אנפּלייען — טרוו פּליי אָן, ~געפּלייט. מאַכן
.
עס זאָלן זײַן פּליי. פּאַראומרייניקן מיט פּליי.
אָ, דאָס בעטגעוואַנט, די לײַלעכער אע.
אָנפּלייץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פּון אָנפּלייצן. אָ, פּון וואַסער. אָ, פּון
אימיגראַנטן. אָ, פּון אַנטיסעמיטישע בלבולים. ,,דער
מענטשלעכער אָ, קיין פּאַריז", בֿ. דעמבלין,
פּאָר, 31 1965 X. "האַלטן די שפּראַך [יִדיש]

ריין פֿון דעם אָ, פֿון אַמעריקאַניש־ענגלישע
ווערטער“, לע, טמז, 1966 I▯I 16.
אָנפֿלייצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנפֿלייצן פֿרגל דפֿוו. אָ, פֿון

.

וואַסער(ן). אָ, פֿון א▯בעריקע ווערטער. “די
ייִדישע שפּראַך איז נאָך בכלל צעשפּאַרט געוואָרן
פֿון פֿאַרשיידנשפּראַכיקער אָ, און בונטקייט“,
אַפֿן שפּראַכפֿראָנט, ק▯עוו 3 '1935 No־4. „
שטראָמען אָ, פֿון באַרג אַראָפּ אין טאָל“, הל, בלאַט.
־

עפּלבויס.
אנפֿלייצן פֿלייץ אָן, ~געפֿלייצט. אוטוו
▯ —
— (וועגן וואַסער) אָנלויפֿן, אָנקומען אַ סך
(און אַרויסקומען פֿון די ברעגן). „וואַסערן
פֿלייצן אָן פֿון די שנייען אויף די בערג“.
פּליטים פֿלייצן אָן. טרוו — מיטברענגען
עפּעס מיט וואַסער וואָס פֿלייצט אָן. אָ, זאַמד.
אָ, דעם מאַרק מיט שונד־ראָמאַנען, מיט
האַסליטעראַטור. „אָט די ערד וואָס דער טײַך האָט
אָנגעפֿלייצט קאָן מען אָנרופֿן אָנפֿלייץ־ערד“,

זק, איבֿז, מעסtיות וועגן ערד, בערלין 1922.
־עניש.

אנפֿליישן — אַקוזוו פֿלייש אָן, י,,געפֿליישט.

.

נעאָל. באַדעקן מיט פֿלייש. ''ווי אין יחזקאלס נבֿואה, נעמען אַלע טויטע זאַכן לעבן און עס פֿליישט אָן פֿלייש אויף זיך נאַקעטער געביין'', יעקבֿ פֿרידמאַן, ליבשאַפֿט, ת,,אַ 1967. מיט ז י ך — [ניט קיין נעאָל] אָננעמען אויף זיך מער פֿלייש. ,,זע נאָר ווי זי האָט זיך אָנגעפֿליישט, זיך אָנגעפֿעלצט מיט פֿעטס,,.

אָנפֿליס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנליסן. אַן אַ, פֿון וואַסער. דזוו אָנפֿלוס ..

אנפֿליסן — אוטוו פֿליס אָן, האָבֿ (בֿ י ן)

.

~געפֿלאָסן. קומען צו פֿליסן. (וועגן וואַסער פֿאַמעלעך, כּסדר אָנקומען. [פֿרגל אָנלייצן]. רעגנוואַסער פֿליסט אָן. כּוחות קענען אָ'. שפּײַעכץ פֿליסט אָן אין מויל. ,,ווערטער זײַנען אָנגעפֿלאָסן... און די ליד האָט זיך ווײַטער געצויגן'', י. פֿאַליקמאַן, סאָוו,

היימלאַנד, 2 1962, No. ,,ס'פֿליסן אָן פֿון ערגעץ היימישע געשטאַלטן, די שאָטנס פֿון אַמאָל,,,

בּ. שלעווין, דרום־א ריקע, סעפּט'־אָקט, 1964. ־ונג. ־עניש.

אָנפֿל ען — אוטוו פֿלי אָן, בּ י ן (אויך ה אָ בּ) ~געפֿלויגן. 1. אָנקומען פֿליִענדיק. קומען צו פֿליִען. די וואַנדער־פֿייגל פֿליִען שוין אָן. עס פֿליִען אָן חמרים פֿליגעלעך. עראָפּלאַנען פֿליִען אָן יעדע פֿינף מינוט. אָ, ווי דער היישעריק. ,,אין דער זעלבּער סעקונדע איז געקומען אָנצופֿליִען... אַ גרויס־פֿליגלדיקער אָדלער“, פֿרץ פֿאָלקסט, געשיכטן.

2. (וועגן אַ נאַטור־דערשײַנונג) אָנקומען אומגעריכט, מיטאַמאָל. אַ זאַווערוכע, אַ בּוראַן פֿליט אָן. אַ ווינט פֿליט אָן אויפֿן שפּיץ בּאַרג.

,,פֿלוצלינג איז געקומען אָנצו ל ען אַ שרעקלעכער וואָלקן“, ווײַס I, 'איבּערגאַנג'. ,,איז אָנגעפֿלויגן דער רעגן... און זיך דורכגעטראָגן אַזוי האַסטיק“, ה דאָבּין, צווישנ בּינשטאָקנ, מאָסקווע 1941.

3. בּכלל אָנקומען אומגעריכט, גיך, אַזוי ווי אויף פֿליגלען. אָ אַהיים צו טאַטע־מאַמע אויף

,
פּסח. ריַיטערס פֿליִען אָן אויף פּערד. אַ
משוגעת איז אָנגעפֿלויגן אין קאָפּ אַריַין. „איז
דענסטמאָל אָנגעפֿלויגן פֿון שטאָט די עלטערע,
סאַמע געראָטענע טאָכטער„, בערג, באַם
דניעפּער II. „וויסטע מחשבֿות זיַינען אים
אָנגעפֿלויגן אין קאָפּ אַריַין מיט אַ געזשומעניש„,
מ. דלוזשנאָווסקי, פּאָר, ◌28 ◌19 III.

4. ספּעצ. (גיך, אומגעריכט) אָנ◌אַלן. אַ
באַנדע איז אָנגעפֿלויגן אויפֿן שטעטל. די
קאַוואַלעריע פֿליט אָן אויף דער פּאָזיציע פֿון שׂונא.
"צו האַלבער נאַכט זיַינען פּאָרדאַרבער אויפֿן
וועג מיט שטורעם אָנגעפֿלויגן", פּמ, מלחמה.
אויך מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון אַלע זיַיטן
מיט עראָפּלאַנען. ־עכ◌ן. ־עניש. ־ער.
־עריַי.

אָנפֿל◌עריש — אַדי. וואָס איז פֿון (ווי ביַי)
אַן אָנ◌ליִער. מיט אָ'ן אימפּעט ־קייט —
.
"מאַכן אַ סוף צו דער גאַסטראָליאָרישקייט
און אָ, אויף די אונטערנעמונגען", אי ◌ עפֿער◌
.
די אויפֿגאַבעס פֿון דער ייִד, פּראָלעט,

ליטעראַטור. , ק􏰀עוו 1932.

אָנפֿליקן — טרוו פֿליק אָן, ~געפֿליקט.

1. פֿליקן אַ סך, אַ לענגערע צײַט, ווי􏰀ל עס איז נייטיק. אָ, פֿעדערן אויף קישנס און פֿערענעס. "שוין אָנגעפֿליקט פֿעדערן און פּוך אויף אַן אונטערבעט", ארז, קמ, 50 1870, No.

2. אָנרײַסן. אָ, פֿאַפּיר. 3. אָנשנעלן. אָ, די נאָז, די אויערן. אָ, די מאָרדע =

וואויל􏰀

יונגעריש, אויספֿאַטשן דאָס פּנים. מיט ז י ך פֿון די צוועלף געגדז האָט

— "

אָנפֿעטיקן

זיך אָנגע􏰀ליקט אַ זאַק פֿעדערן􏰀. ־עכ􏰀ן.

־עניש. ־עריך (—ערקע). ־ערײַ.

אָנפֿלירטעווען — אוטוו. ־טעווע אָן, ~ געפֿלירטעוועט. אַ לענגערע צײַט, אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים פֿלירטעווען. אָ, מיט אַלע בחורים פֿון שטעטל.

אָנפֿלעדערן — טרוו. ־ער אָן, ~גע􏰀לעדערט.

1. דזוו אָנפֿלאַדערן. 2. אָנוואַרפֿן, אָנלייגן אין אַן אומאָרדענונג. אָ, פּאַפּירן, דאָקומענטן, פֿאַרשיידענע זאַכן אאַזוו.
אָנפֿלעכטן — טרוו. פֿלעכט אָן, ~געפֿלאָכטן (אויך: ..,געפֿלעכט). 1. לעכטן אַ סך פֿאַר,
שיידנס, וויפֿל עס איז נייטיק. אָ, קערבּלעך. אָ אַ ראַגאָזשע. אָ, צעפֿלעך בּײַ אַלע מיידלעך.
י
אָ, ה ב ד ל ו ת [= די געפֿלאָכטענע ליכט צו הבֿדלה]. אָ, ח ל ו ת. ,,ווען איין פֿאָדם ווער פֿאַר קניפּט אודר אַן גיפֿלעכט, דא טאָר מן עשׂ אַך וואול אויף בּינדן", לט1, עג/א. ,,דאָס געלע בּעקער־מיידל? חלות יעדע וואָך אָנגעפֿלאָכטן אויסגעטאָקטע — און געבּליבּן אַלטע מויד", אול. 2. אָנדרייען, פֿאַרדרייען, צונויפֿדרייען. אָ, רכילותלעך. אָ, ליגנס אַ גאַנצע קייט. אָ, ווער ווייסט וואָס.
אויך מיט ז י ך — זיך אָ, מיט די הענט און זיך לאָזן אין אַ טאַנץ.
אָנפֿלעכט ־עניש.

אנפֿלעמען — טרוו פֿלעם אָן, ~געפֿלעמט.

.
אָנהרגען, שטאַרק אָנפּאַטשן. אָ, די מיאוסע
מאָרדע. אָ, עס זאָלן בלײַבן צייכנס. פֿרגל:
אָנפֿלאמען ־עניש.
-
.
אָנפֿלעקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געפֿלעקלט.
1. אָנקלאַפּן, אַרײַנהאַקן פֿלעקלעך. אָ, דעם
גאָרטן אונטערצוהאַלטן די טאָמאַטן. 2. (
שוסטעריי) אַרײַנקלאַפּן הילצערנע טשוועקעלעך.
אָ, די זויל.
אנפֿלעקן — טרוו פֿלעק אָן, י־,געפֿלעקט.
.
מאַכן אַ פֿלעק פֿלעקן. אָ, דעם טישטעך. אָ,
—
,
דאָס שבתדיקע קליידל.
אנפֿלעשלען — טרוו ־של אָן, ~געפֿלעשלט.
.
אָנפֿילן פֿלעשער מיט עפּעס (אַ פֿליסיקייט,
אַ י
געדעס אע). אָנגיסן, צעגיסן אין פֿלעשער. אָ,
דעם מעד. אָ, די פּאַרעטשקעס און מאַכן
נאַליווקעס.

אָנסעדעמען — ־דעם אָן, ~געפֿעדעמט.
אוטוו — אַרײַנציִען אַ פֿאָדעם אין אייגל פֿון
אַ נאָדל. טרוו — 1. אַרויפֿדרייען פֿעדעם. אָ,
די שפּולקע. 2. אַנהייבן טאָן אַן אַרבעט. אָ,
די אַרבעט. „אָ, איז שווערער ווי אויספֿעדעמען“,
שוו 3. אָנסטריגעורען. אָ, דעם אַרבל, די
לײַסט.

-

אָנסעדערן — טרוו. ־ער אָן, ~געפֿעדערט.
1. אָנשיטן פֿעדערן. אָ אַ ציכל. 2. אָנוואַרפֿן
,
פֿעדערן. אָ, דעם דיל. 3 פֿאַרפֿעדערן. אָ, די

קאַפֿאָטע. אויך מיט ז י ך.

▯

אָנסעטיקן — טרוו ־טיק אָן, ~געפֿעטיקט.

▯

מאַכן פֿעט. אָ, די גענדז, די אינדיקעס. מיט
ז י ך — הינט ו▯אָס פֿעטיקן זיך אָן מיט נבֿילה.
טשינאָווניקעס וואָס פֿעטיקן זיך אָן מיט כאַבאַר.

▯

אָנפֿעטסן

▯

אָנסעטסן — טרוו פֿעטס אָן, ▯..,געפֿעטסט.

- ▯

▯

אָנשמירן מיט פֿעטס, באַדעקן מיט פֿעטס. מאַכן
פֿעט. אָ, די פֿאַטעלניע. אָ, די שטיוול, מאַכן

זיי ווייך.

-

אָנסעכטן — טרוו פֿעכט אָן, ~געפֿאָכטן (?‏ .

אַרכ. קריגן קעגן עמעצן. קריגעריש פֿאַרטיידיקן רעכט. אָ, דעם שׂונא. מלל פֿאַרטײַטשט דבֿרי יעצבֿו עלי, (תּהלים, נו, 6). פֿעכטין זיא

. ״

אַן״ [תּי: „קריוודען זיי מײַנע טענות„]. ־ונג

— „אַז זײַני גרושׂי מלחמות אונ, אַן פֿעכטונג גיוועזין״, ר, זלמן הענא איבֿז, צמח דוד, פּפֿדמ תּנ„ח.

אָנפֿעלערדיק

— אַדי. וואָס איז אָן אַ פֿעלער (אָן פֿעלערן). אָנטעותדיק. אָ, אַרבעטן, שרײַבן אאַזוו. ־יקייט.

אָנפֿעלקער — טרוו ־ער אָן, ‏.געפֿעלקערט.

ן .

אָנפֿילן מיט פֿאָלק, מיט פֿעלקער. באַזעצן אַ שטח מיט אַ סך מענטשן. אָ, די מדבריות. אָ, דעם נגבֿ ־ונג.

.
אנפֿעלשן — טרוו פֿעלש אָן, ~געפֿעלשט. פֿפֿ:

.

פֿעלטשן. אָנמאַכן פֿעלשונגען. ניט זאָגן

,

דעם אמת. אָ, אויפֿן עדות־שטול. אָ,
אונטערשריפֿטן. אָ, וועקסלען. אָ, 'היסטאָרישע,
דאָקומענטן. ־ונג.
אנפֿע'ן — זוו פֿר. אין פּאַריזער ייִדיש.
ענד־ .
לעך, סוף־כּל־סוף. (ייִדן אין פֿראַנקרײַך II, ייִוואָ
(1942).

אָנסענצטערדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
פֿענצטער. אָן אָ'ע וואַנט. אין דעם פֿינצסערן
אָ'ן שטיבל. „לייג איך זיך אַ לאַטע... צו אָן
אָ'ן גאָט־הויז„, פּמ, די קופּע. „די אָ'ע זײַטיקע
פֿראָנטן פֿון די אָרעמע קאַזאַרמעס„, מיר ז .נען
דאָ, אַנטיפֿאַשיסטישער זאַמלבוך, מאָסקווע 1935.
אָנפֿעסטי — טרוו ־טיק אָן, ~געפֿעסטיקט.
קן .

צופּעסטיקן. אָ, די פֿאָן צום הויכן סלופּ. אָ, דאָס שיפֿל צום קלאָץ בײַם ברעג. אָ, דעם קאָלנער מיט שפּילקעלעך. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

-

אָנסעסערן — טרוו ־ער אָן, ~געפּע ערט.

.

1. באַשיטן, צושיטן, צוגעבן (אַ סך) פֿעפֿער. אָ, די יויך. אָ, פֿיש אויך בײַם מאַרינירן. אָ, פּעלצן איבערן זומער. אָ, אַ מאָנאָלאָג מיט גראָבע וויצן. 2. אָזוי ווי (אָנ)שיטן פֿעפֿער אין די אויגן. אָפּטאָן עמעצן אַ שפּיצל, אָפּנאַרן. אויך: אָנברעכן די ביינער. אָ, דעם קאָנקורענט. „דער בעל־עגלה... דערציילט נסים ונפֿלאות וועגן דעם ווי מע האָט אָנגעפֿעפֿערט דעם קעגנערישן צד„, ח. שאָשקעס, די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וואַרשע, יוני 1926.

--

אָנסערדיק — אַדי. וואָס האָט ניט קיין איין

פֿערד. אַן אָ'ער פּויער. איבּז פֿון ־o 6e3:
נ I] a].

-

אָנסראַגע — די, ־ס. דטשמ, אָפּט געניצט
אין צײַטשריפֿטן. אָנפֿרעג. מאַכן אַן אָ, אין
פּאַרלאַמענט. „איך פֿלעג באַקומען טעלעגראַמעס
מיט אָ'ס...„, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.
אנפֿראכט(יר)ן — טרוו ־ט(יר) אָן, ~
גע — .
פֿראַבט(יר)ט. (סוחריש) אָנלאָדן אַ וואַגאָן

מיט פֿראכט, אַ וואָגן מיט משׂא. אָ אַ וואַגאָן
,

-

מיט סחורה. אָ, סחורה אין אַ וואַגאָן. „...,
שטייענדיק גאַנצע מעת־לעתן אין דרויסן בײַם אָ'ירן
און אויספֿראַכטירן אײַערע תּבֿואות'„ ייִל, ספֿר

הזכרונות, No 4, אַדעס 1883. ־(יר)ונג.

-

אָנסראַנטעווען — אוטוו. ־טעווע אָן, ~
געפֿראַנטעוועט. אַ לענגערע צײַט פֿראַנטעווען,
זיך אָנטאָן, זיך אויפֿפֿירן וו אַ פֿראַנט. קענען
׳

אָ, אָן אַ גראָשן אין קעשענע.

□

אָנסראַסקען — טרוו. ־קע אָן, ~
געפֿראַסקעט. אָנפּאַטשן הילכיק. אָ, די באַקן. אָ, אַ
מאָרדע.
אָנפֿרוכטי — אַדי. 1. וואָס איז אָן פֿרוכט.
ק
אָ'עביימער. 2. וואָס ברענגט ניט קיין
רעזולטאַט. אָ'ע באַמיאונגען ־יקייט.
.

-

אָנסרוכפּערן — טרוו. ־ער אָן, ~

געפּרוכפּערט. מאַכן עס זאָל זיך מערן. אָ, פּליגן, וואַנצן, באַצילן אע. אָ אַ גרויסע משפּחה. ,,אַלע

,

[שדים ווערן] אָנגעפּרוכפּערט אין דער רײַכער פּאַנטאַזיע פֿון ״אָלק,,, יהואָש פֿון דער וועלט

- —

,

און יענער. געוויינלעך מיט ז י ך — ,,די מינצעס האָבן בײַ אונדז זיך אָנגעפּרוכפּערט,,. ,,קאָמיטעטן האָבן זיך בײַ אונדז די לעצטע יאָרן אַזוי אָנגעפּרוכפּערט,,, גרינ, איד און וועלט.

-

אָנסריזירן — טרוו ־זיר אָן, ~(גע)פּריזירט.

.

מאַכן אַ פּריזור. אָ, די האָר. ,,מע האָט ז אַרומי

געוואַשן, סאַרקאַמט, אָנגעפּריזירט און

אָנגעטאָן,,, ל. קאָבּרין איבּז, מאָפּאַסאַן, דאָס הײַזל.
געוויינלעך מיט ז י ך.

-

אָנסריידיק — אַדי. וואָס איז אָן פֿרייד. אַן
אָ'ע בּאַגעגעניש. אָ'ע טעג. "קינדער... אַלע
אָ'ע און בּלייכע,,, ידידיה מאַרגאָליס, סאָכרים,
מאָסקווע 1941. ־יקייט.

.

אָנסריידן זיך — דזוו אָנפֿרייען זיך. זן. ,,דו
האָסט זיך שוין גענוג אָנגעפֿריידט,,, ווײַס I י,
'ווי דער גורל פֿירט'. [טעות אין אויסלייג?
טעות הדפּוס?]
אנפֿריילעכן
— טרוו ־לעך אָן, ~
געפֿריי .

לעכט. מאַכן עמעצן פֿריילעך. אָ, די קרו ים
מיט דער גוטער בּשׂורה. אויך אומפּערזענלעך —
,,מיר איז אָנגעפֿריילעבט אויף דער נשמה,,,
י טיגער, דער צדיק און דער בּעל־תּשו ה.
אויך מיט ז י ך.

אנפֿרייען זיך

— אוטוו פֿריי זיך אָן, זיך ~

גע

.

פֿרייט. איבערלעבן פֿרייד אין אַ גענוגיקער

מאָס פֿרייען זיך אַ לענגערע צײַט. ניט קענען

.

אָ, זיך מ י ט ן ליבן גאַסט. אָ, זיך מיט דעם

קינדס חכמהלעך. זיך אָ, מיט דער ייִדישער

מדינה. „קוים מיר באַקומען די זאָך פֿליט זי

,

פֿון אונדז אַוועק, איידער מיר פֿרייען זיך אָן

מיט איר„, יהושע מזח, אין: המזכיר,

קאַצענעלענבויגן'ס לוח צוס יאהר תּרנ„ח, ווילנע. „[

קינסטלער] קענען זיך ניט גענוג אָ„ פֿילנדיק...

די אייגענע כּוח־היצירה“, אַ. שטיינבערג, דאָס

נ ע לעבען, נ“י, יוני 1910. ־עניש.

אנפֿרײַערן

— טרוו ־ער אָן, ~געפֿרײַערט.

. .

באָשווינדלען. אָ אַ יאָלד. אָ אַ תּמעוואַטן ייִד

, ,

אָנפּרעגן

פֿון דער פּראָווינץ. ,,בּיסט געזעצט אויף
תּיקון־מדינה אַז זיי זאָלן קיינעם ניט אָ'?,,, בּימקאָ,
גנ▯יס▯

▯

אָנסריצן — טרוו ▯ פֿריץ אָן, ~געפֿריצט.

אויס
-

.

פּוצן עמעצן ווי אַ פֿראַנט. אָ, דעם בּחור אין
געקעסטלטע הויזן. אָ, מיט אַ ווײַסער וועסט.
אויך מיט ז י ך.
אָנפֿריצ(ק)עוו — טרוו ־עווע אָן, ~
גען .
פֿריצ(ק)עוועט. אָפּנאַרן. בּאַשווינדלען. ‘‘אים
וועסטו ניט אָ', ער איז אויך אַ בּלאַטער‘‘.

-

אָנסרירן — [אין לד אַרויסגערעדט. פֿריִערח
.. .

פֿריר אָן, ~געפֿרירט, ..,געפֿרוירן, ~געפֿראָרן
[לד]. אוטוו, אויך מיט בּ י ן — 1. צופֿרירן
צו עפּעס. אַוועקרײַסן דעם עמער וואָס איז
אָנגעפֿרוירן צום ראַנד פֿון בּרונעם. 2.
דורכגענומען ווערן פֿון פֿראָסט. ,,פּעלץ זיך גוט
אָן, אין אַזאַ קעלט קענסט נאָך אָ',,. אין דעם בּ
געווײַנלעך מיט ז י ך — ,,פֿאַרשפּאַרט די טיר?
נאַ, גיין שלאָפֿן. אָנגעפֿראָרן זיך“, ל. יאַכנאָוויץ,
'צבֿיה', דאָס נײַע לעבּען, נ,,י, אַנ, 1913.
׳

טרוו — בּרענגען דערצו, עס זאָל צופֿרירן
אָדער עס זאָל ווערן דורכגענומען פֿון פֿראָסט.

אָ, די אויערן, די נאָז, די פֿיס אע. אָ, דעם
בּאָרשטש אין קילקאַסטן. ,,האָסט אָנגעפֿרירט
די אויערן, רײַבּ זיי מיט שניי“. ־עניש.

-

אָנסריש — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנפֿרישן. אָן אָ, פֿון עטלעכע מינוטן.
2. ספּצ. טייג וואָס הייבּט ערשט אָן צו זײַערן

בּאַקן פּלעצלעך פֿון אַן אָ'.
אָנפֿרישן
— טרוו פֿריש אָן, ~געפֿרישט.
.
מאַכן פֿריש. מאַכן אַ ביסל פֿרישער. אָ, מצות
אין אויוון. אָ, ברויט וואָס איז שוין אַ ביסל
-
פֿאַרדאַרט. אויך מיט ז י ך — אָ, זיך אויף
דער לופֿט.
-
אָנסרעג — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנפֿרעגן. אַן
אײַליקער, וויכטיקער אאַ אָ'. מאַכן אַן אָ, אין
פּאַרלאַמענט, בײַם ריכטער, אין אַן אַמט. קומען
מיט אַן אָ'. שיקן דעם אָ,. ענט ערן אויף
אַן אָ,. חתמען דעם אָפֿיציעלן אָ, פֿון דעם אָ,
.
האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. אָ'־דעפּעשע,
־טעלעגראַמע.

-

אָנסרעגן — אוטוו & טרוו פֿרעג אָן, ~
גע.
פֿרעגט. 1. בעטן אינפֿאָרמאַציע. זוכן

אויס
-

צוגעפֿינען. אָ, אין אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ. אָ,
אין טעלעפֿאָן־צענטראַלע. 2. פֿרעגן אַ סך,
פֿאַרשיידנס. אָ אַ הונדערט קשיות, שאלות.
,

-

,,וואָס איין נאַר קען אָ, אין איין שעה — קענען
צען חכמים ניט (אָפּ)ענטפֿערן אין צען יאָר,,,
שון.
3. זוכן צו באַקומען אַן עצה, אַן אָנווײַז, אַן
אינסטרוקציע פֿרעגן צו קריגן אַ באַשייד. אָ,
.
בּ ײַ עמעצן. אָ, בײַם רבֿ, בײַ דער פּאָליציי,
אין געריכט. אָ, בײַם בעל־יועץ זײַן מיינונג
וועגן.... ,,האָט ער נישט גיענטוורט, ווען מן
אים גלײַך האטשׂ אהן פֿראגין,,, עיון, ט/ב. ,,אַז

איר וועט אַ▯לו אָנגעבן צום גובערנאַטאָר,
וועט ער דאָך אויך אָ, בײַ מיר,,, יק. ,,מע זאָל
נישט אָ, כישוף מאַכער״, ספֿר המצוות, ווראָנאָוו
-

1935. ״דער עיקר נסיעה צום רבין איז... אָ,

-
אָנפֿרעגעריש

אַ סדר־עבֿודה אויף להבא,,, לדב, נ״י תשי,,ז,
424. ,,פּרעה... האָט אָנגעפֿרעגט די מיינונג
פֿונעם פֿאָלק — 'ויאמר אַל עמו',,, דר, הלל
זײַדמאַן, טמז, 6 1961 I. ,,ס'האָט זיך געפֿונען
אַ תּכשיט אַ בחור... עס ▯לעגן זיך אַלטע
רבנים ניט שעמען בײַ אים קומען אָ, שאלות״,
יהואָש, ,די געגנבֿטע כלה'.
4. בעטן אַ דערלויבעניש, אַ צושטימונג. אָ,
ווען מע קען אַוועקפֿאָרן. אָ, בײַם
צענטראַלקאָמיטעט צי מע מעג זיך אָפּהאַלטן בײַם
שטימען. ,,ער האָט בײַ מיר נישט אָנגעפֿרעגט
און איז צו מיר אַרײַנגעקומען״ פֿל. ״נישט
,
אָ'דיק בײַ קיינעם, האָט ער אָנגעהויבן צו

זינגען", מרדכי האַלטער, ,מיר גרייטן זיך'.
5. (סוחריש) באַשטעלן. אָ, גוטע סחורה. ניט וויסן וואו אָנצופֿרעגן די נײַע מאַשינקעס. ,,אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן וואָס פֿאַר אַ קעכין איך האָב שוין אָנגעפֿרעגט פֿון אײַערטוועגן", ייִפֿאָל
.No ,1887 32
מיט ז י ך — זיך אָ, בּ ײַ הונדערט רבנים. זיך אָ, בײַם אַמעריקאַנער קאָנסול וועגן אַ וויזע. זיך ניט אָ'דיק, קומען צו פֿאָרן. זיך אָ, צ ו אַ שנײַדער, שוסטער אאַזוו = וואו מע קען געפֿינען אַ שנײַדער. ,,איך פֿרעג מיך צו דעם סוחר אָן און ער זיצט אין זײַן געוועלבּ", טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839. "זאָל ער גוט זיך אָ, בײַ לומדים ווי אַזוי זאָל ער טאָן בּהיתּר", לט2, צא/ב. ,,ווען דער קעניג וויל וויסן ווער עס וועט זײַן זײַן טאָכטערס מאַן, קען ער זיך אָ, אין אורים־ותּומים", מ. גאָלדבּויט, שלמה המלכס טאָכטער, פֿשעמישל 1928. *אָ, זיך אַ ק ל אַ פּ אָ ט , אַ צ ר ה , אַ גאַנצן עסק = איבּערן צו פֿיל פֿרעגן זיך פֿאַרשאַפֿן שוועריקייטן, אומגעריכטע זאָרג אע "אַז מע פֿרעגט — פֿרעגט מען זיך אָן מ פּ ־ ט י ר " , שוו [= ווערט ען געוואָר אַזוינס וואָס

פֿאַרשאַפֿט צרות, האַרצווייטיק אע]. *איבער
עמעצן זיך אָ, מפֿטיר = ברענגען אַליין אויף
זיך אַ שטיק צרה איבער דעם וואָס מען איז
□רײַנדלעך מיט אים.
־עכ□ן. □עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.

□ ־

אָנסרעגעריש — אדי וואָס איז פֿון (אַזוי
ווי בײַ) אַן אָנפֿרעגער. מיט אָ'ער נײַגעריקייט,
צודרינגלעכקייט אע. ־קייט.

אנפֿרענ(ד)זן — מרוו פֿרענ(ד)ז אָן, ~

גע

□ □

□

.

פֿרענ(ד)זט. אַנמאַכן אָדער אָנייען פֿרענדז.
אָ אַ פֿאָרהאַנג מיט לאַנגע פֿרענדז.

,

אָנסרעסן — אוטוו & טרוו פּרעס אָן, ~
גערעפּרעסן פּרעסן ביז איבערגענוג. אָ, כלערליי

.

טרפֿות. אָ, קאָלבאַס. געבן דער באַנדע
אָנצופּרעסן, כּדי זיי זאָלן האָבן כּוח צו בפּיאַנעווען.
אָ אַ מטמון מיט געלט. „אַמאָל איז געווען

,

אַ חתונה מיט אַ סך מענטשן; אָנגעפּרעסן און
אָנגעטרונקען און אַהיימגעלאָפֿן אָן בענטשן“,
ל.
גערווינלעך מיט ז י ך — זיך אָ, און דערנאָך
עס אויסקרענקען. אָ, זיך ווי אַ יוון (יוונים),
ווי אַ זולל־וסבֿא, ווי אַ פּויק. אָ, זיך וו אַ

,

חזיר, דבֿר אַחר. „איין טייל ווײַבער אַז זיא זיך

-

האבּן אַן גיפֿרעסן לאפֿן זיא פֿון טיש אַוועק
ניט גיבּענשט“, כּוכבא דשבּיט, אַמשט 1695,
ה/א. „בּשעת אַכילה זאָל מען ניט עסן מיט
תּאווה ווי אַ בּהמה ח“ו און זאָל זען ניט
אָנצופֿרעסן זיך“, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832,
אות כד. “זולל־וסובֿאניקעס! פּאַרעווע קישקעס!
בּישקיווקיניקעס! נאָך קאַרג האָט איר זיך
אָנגעפֿרעסן מיט אונדזער בּלוט?“, זאבֿ הלוי, דער
רבּי קלמן סענדערס, בּאַרדיטשעוו 1906. “
אָנגעפֿרעסן האָסטו דיך? און אָנגעזויפֿן האָסטו
דיך?“, אַש, אַ שטעטל. —עניש.

-

אָנסרערן — [לאַנגע ע] דזוו אָנפֿירן.
אַנץ — דער, ־ן פֿקפֿ. ־ל. (קצבֿיש, פּעיאָ).

.

1. שוחט. וואַרטן אויפֿן אַ'. וואו איז אונדזער
ר אַ'ל? 2. בּאַאַמטער וואָס מען איז
אָפּ,
הענגיק פֿון אים. געבּן דעם אַ, אין יד אַרײַן.
אָ'נצאָל — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנצאָלן.
אַן אויפֿגעמאָנטער אָ'. 2. אַדערויף. געבּן אַן

אָ, אויף דער באַשטעלטער סחורה. 3. די, ־ן.
דטשמ. נר גרויסע צאָל. געקומען אַן אָ,

סאָל

דאַטן. "זיך אָפּגעריסן פֿון דער [פֿאַרטיי] און
מיטגענומען מיט זיך אַן אָ, אָנגעזעענע...
טוער[ס],,, טמז, 28 1958 III.
אָן צאָ'ל — פרעפּ פּראַזע. אָן אַ צאָל. זייער
אַ סך. ,,דא שלוגן עשׂ דיא יודן עמון ואָלק און
צאָל", שמואל־בוך סטראָפּע 184. "בלוט איז
וואַרן פּר גאָסן, וויא פֿיל טויזנט אַן צאָל אונ
אַן מאסין", ,קינות אויף כמעלניצקיס גזירות,
[מוו, בילדער פֿון דער ייִד, ליט'־געשיכטע]. ,,די
אוצרות אָן צ, ניט האָבן קיין ווערט", אַר,
'ס'ויעט קומען אַמאָל'.
אָנצאָ'ליק — אַדי. וואָס איז אָן אַ צאָל. וואָס
איז זייער אַ סך. אָ'ע שׂונאים. אָ'ע אויטאָמאָבילן.
,,... אַן אורשטאָף פֿון וועלכן ד אַלע אָ'ע
ווײַ

וועלטן האָבן זיך געבילדט", מב"ס, הוגה דעות,
ווילנע 1912. —יקייט.
אָ'נצאָלן — טרוו. צאָל אָן, ~געצאָלט. 1.
אָנהייבן צאָלן. באַצאָלן אַן אַדערויף. אָ, די ערשטע

ראַטע. 2. דזוו באַצאָלן פֿאַרענדיקן צאָלן,

.

אָפֿצאָלן. „מעגסט זיך נייען אַ בײַטעלע, ער וועט דיר אַ סך אָ'“. „הבֿ איך בע„ה אַן גצאלט גהט אַלי עשׂרת אַלפֿים קנס“, ר, יום־טובֿ ליפּמאַן העלער, כּ״י ,מגילת איבה„ 1703. ״זיך... אָנגעטרונקען און אָנגעצאָלט טרינקגעלט“, מר I י. אויך מיט ז י ך — אַ סך זיך אָ, און אַלץ ניט קענען זיך אויסצאָלן ־ונג.

.

־עניש.

אָנצאַמען — אוטוו, דריטפּערזאָניק. אַרכ.

פֿאַסן. פּירן זיך. „דער .Mhd: an־ e הרצג בניהו צו דעס קוינג קאַם, ער בוקט זיך נידר, וויא אים דען וואַל אַן צאַם„, מלכים־בּוך, כּ״י ווילמערסדאָרף.

אָנצאַמען — טרוו. דזוו אָנצוימען.

אָנצאָניק — אַדי. וואָס איז אָן אַ צאָן. אָ'ע מושלען.

אָנצאַנען — אַרכ אויסשטשירען די ציין (און שמייכלען). „ער וויל מיך דען אַן צאנן

אָנצוג

זײַן צין דיא פֿלעקט ער זער,,, שמואל־בוך,
סטראָפֿע 1532.
אָנצאַפּן — טרוו. צאַפּ אָן, ~געצאַפּט. לאָזן
אָנרינען אין אַ כּלי דורך אַ קראַן (צאַפּן) פֿון
אַ גרעסערער כּלי. אָ אַ פֿלאַש ווײַן פֿון פֿעסל.
,
אָ, בלוט ווי אַ פּ אַווקע. ,,איז בסוד געגאַנגען
י
און האָט אָנגעצאַפֿט פֿון דעם ײַנעם ווײַן און
האָט דעם אָרעמאַן אַ טרונק געגעבן'', איין
שיינה היסטאריא פֿון דרײַ ל־ט, לבֿו, תּחת
ממשלת פֿראַנץ השני פֿיג. אָ, אינפֿאָרמאַציע.
.
''אַז די כמאַרעס נעמען זיך אָן מיט וואַסער,
אַזוי וועלן זי אַ רעגן אויף דער ערד אָ',,, מס,
י
קהלת תקע''ט, יא, 3. אויך מיט ז י ך פֿון
־.
זיך. ־עניש.
אָנצאַצקען — טרוו ־קע אָן, ~געצאַצקעט.
.
אויך: ~צאַצקעווען. אָנמאַכן
באַצירונגען, צאַצקעס. אָ, דאָס פּאַפּיר מיט בלימעלעך.

אָ, דיווענט מיט בילדער פֿון זשורנאַלן. *אָ אַן

,

אונטערשריפֿט (חתימה) = א) זיך אונטערשרײַבן
אויף אַ קונציקן אופֿן; ב) נאָכמאַכן אַן
אונטערשריפֿט. מיט ז י ך — שפּיגלען זיך אין
עמעצן, שפּילן זיך מיט (עפּעס) וואָס מע שטעלט
אַרויס ווי אַ צאַצקע. אָ, זיך מיטן אײניקל. אָ,
זיך מיטן גאָלדענעם זײגער. ־עניש.

אָנצאַראַפּען — טרוו ־פּע אָן, ־י ,,געצאַראַפּעט.

.

רוסיצ. אָנקראַצן. אָ, אַ וואונד. "ער האָט
אַרויסגעכאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר און... מיט
אַ שטיפֿטל אָנגעצאַראַפּעט", שע, סענדער בלאַנק
אויך מיט ז י ך.

אָנצאַרטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~

גע

.

צאַרטעוועט. נעאָל. שאַפֿן אויף אַ צאַרטן
אופֿן. ,,... האָט אָנגעצאַרטעוועט אַ ליד מיט
דעם רעפֿרײן: 'שטענדיק קומט דער קריג'",
צויט, טמז, 31 7 l9 III.

אָנצאָר(ע)נען — צאָרן אָן, ~געצאָרנט. פּד:

~צאַרענען. אויטוו — אָנשרײַען מיט צאָרן.
אָ, אויף דיווילדע קינדער. טרוו
אַרײַנ־.
בּרענגען אין צאָרן. אָ, דעם בּעל־הבּית מיט
אַ חוצפּהדיקן ענטפֿער.

--

אָנצבּועטש — [... צוואואַ ־
ען ...
(י)
אַאויטוו
־טשע אָן, ~צבֿועטשעט. פּפּ: ~צבֿו
קעווען. אַ סך, אַ לענגערע צײַט זיך
אויפֿפֿירן היפּאָקריטיש. אָ, פֿאַר די גבּאָים.
אָנצו־ — אין דער קאָנסטרוקציע ק ו מ ע ן
אָנצופֿאָרן, אָנצופֿליִען, אָנצורײַטן אע דזוו קומען
אָנגעפֿאָרן, אָנגעפֿלויגן אע.
אָנצוג — דער, ־ן (~ציגער). An u]g: < .

גאַרניטער. מענער־מלבּוש וואָס בּאַשטייט
געוויינלעך פֿון דרײַ טיילן: רעקל, הויזן, וועסטל.

אַן אָ, אָן אַ וועסטל. אָנטאָן אַ נײַעם אָ, און אויסזען ווי אַ גאַנצער פּריץ. באַשטעלן, קויפֿן, נייען אַן אָ'. אַן אָפּגעכוימלטער אָ'. „בײַ אַ קאַרגן איז זײַן אָ, אייבּיק נײַ“, שוו [ווײַל ער טראָגט אים ניט]. “שאַץ אים אימער נאָך זײַן פֿאַרשטאַנד, אָבער ניט נאָך זײַן אָ,“, אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע 1871. „.... דערזען אַ שטויבּעלע אויף איר ליבּלינגס אָ'ל“, סמב.

אָנצדגעהערן

אָנצוגעהערן — אין אויסדרוק: ג ע ב ן אָ'. געבּן אָן אָנצוהערעניש. מרמז זײַן. אָנווינקען אויף עפּעס. מע גיט אָ, וואָס עס וועט געשען, אויבּ.... „זי האָט אים אָ, געגעבּן: דו בּינסט דער שטאַלמײַנסטער געוועזן אין מײַן פֿאָטערס הויז„, אַהרן מטריבֿש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר„ג, ט/א. „די עלטערן געבּן זיי אָ, אַז זיי זענען אַ שווערע לאַסט בּײַ זיי אויף דעם קאַרק„, שלום־עליכם־שלום, משוגענע וועלט נײַעס, וואַרשע 1908. „האַלט אין איין אונטערהוסטלען כּדי ▯.ר צו געבּן אָ, אַז ער האָט נישט קיין צײַט“, ה. בּערגנער, איק, ר„ה תּשכ„ה.
אָנצוגעהערעניש — דאָס (די), ־ן. פּפֿ:

􀀀 ,צוגעהערנס. רמז, אָנוואונק. אָנדײַט.
געבֿן אַן אָ'. ,,ער האָט דערפֿון געשמועסט
בלויז מיט אַן איידל אָ',,, ווײַס I􀀀 , 'ווי דער
גורל פֿירט'.
אָנצוהעריק — אַדי. וואָס האָט אין זיך אַן
אָנצוהעעניש, איז מרמז אויף עפּעס. אָ'ע
ווינקענישן מיט די אויגן. ,,די העוויות פֿון דער
מויד אויף דער בינע זײַנען געווען זייער אָ'‘‘,
שלמה סײַמאָן, פֿאַש, 15 XI 1965. ־יקייט.
אָנצוהערן — ← אָנצוגעהע􀀀ן. די אָפּטערע
פֿאָרעם. ,,אַך מיר גאַר אופּט אַן צו הערין
געבין וואשׂ פֿאַר טובֿת והנאות זיא מאמה[ם] ע‘‘ה
גיהאַט‘‘, גה, 300. ,,אונדז געגעבן אָ אַז מיר
,
זענען פֿרעמדע‘‘, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט. ,,די
סינגער מיט דער נאָז האָבן מיר שוין לאַנג
אַפֿילו געגעבן אָ אַז עס איז קאַלט,,, וו. און
,

-

ס', איבֿז, די מע􀀀tה פֿון דעם שטיקעלע ברויט,
זשיטאָמיר 1869.

אָנצוהערעניש — דאָס (די), ־ן.
געוויינלעכע פֿאָרעם פֿון אָנצוגעהערעניש ←. אַן אָ,
וואָס איז גרינג צו פֿאַרשטיין. „אַ נאַר הערט
ניט קי□ן אָ'ן„, שוו. *געבֿן אָ, אויף ישקני =
באַנקראָטירן, אָנזעצן. „בּיסלעכווײַז איז מיר
דערקלערט געוואָרן דער טעם פֿונעם בלאָזעניש,
פֿריִער על־פּי רמז, דאָס הייסט אויפֿן וואונק,
מיט אָ„„ ממוס, 'גלגולים'. „פֿאַרוואָס טאַקע ניט
געבֿן אָ אַז מיר פֿעלט נאָך אויף יום־טובֿ„, יד,
,

אבן נגף. „האָט זיך מיט אים די מאַמע
צעווערטלט, אים געגעבֿן אָ, אַז ער שטאַמט פֿון
קצבֿים“, שע, מנחם־מענדל. קאַפּוליער אָ, =
איר, ,אָנוואונק, אויף זייער אַ בּולטן, גראָבֿן
אופֿן. [מע דערציילט: אין קאַפּוליע, אַ שטעטל
אין רײַסן, האָט מען עמעצן אָנגעבֿראָכן די
בּיינער אַרן אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטובֿ. האָט ער
אַ זאָג געטאָן: „מע גיט מיר אַן אָ אַז איך
,
זאָל אַהין ניט קומען„ פֿון דעם — קאַפּוליער
.
אָ'.] אַ קאַפֿוליער אָ, מיט אַ בוכצע אין זײַט.
אָנצוואָגן — טרוו. צוואָג אָן, ~געצוואָגן.

גוט צוואָגן, צוואָ□ן אַ סך. אָ, די קינדערשע
קעפּלעך. אָ, עמעצן אַ קאָפּ = אויך: אָנזידלען,
אויסמוסרן. ־עכץ. ־עניש.

אָנצווייפֿלדיק — אַדי. וואָס איז אָן צווייפֿל,
אָן ספֿק. אָ'ע רעזולטאַטן פֿון אַן
אונטערנעמונג. אָ'ער אויפֿטו. ־יקייט.

אָנצווינגען — טרוו. צווינג אָן, □,
געצוואונגען. אַרויפֿצוו□נגען. אָ, עמעצן אַן אַרבעט

1.629

וואָס ער האָט פֿײַנט. מיט ז י ך ־עכ□ן.

.

־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

אָנצוויקלען — טרוו. ־קל אָן, ~געצוויקלט.
אָנדרייען, אַרוי□דרייען. אָ, גאַרן אויף אַ
שפּולקע. אָ, קיטקעס (חלות).

אָנצוזעעניש — דאָס. שפּאַסיק, לויט
אָנצוהערעניש. „מיט אַ פֿלאַבן בוזעם, נאָר אַן אָ, אויף
בריסט“. „ס'איז ניט קיין אָ', ס'איז אַ
פֿאַרזעעניש“.

אָנצויבערן — טרוו□ ־ער אָן, ~געצויבערט.
אָנכּישופֿן. מאַכן, שאַפֿן דורך צויבערן. אָ,

פֿאַר זיך געשטאַלטן ניט פֿון דע'ר וועלט.
־ונג.
אָנצוימיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ צוים.
אָ'ער שטח. „ס'קומט ניט אומזיסט די אָ'ע
שפֿע“, ש. האַלקין [14 אָקטיאַבּערס, מאָסקווע
1931].
אָנצוימען — טרוו. צוים אָן, ~געצוימט.
אַרויפֿלייגן אַ צוים. אָ, די פֿערד. „איין צוים
פֿון פֿר אירניש האָט ער אַן גצוימט...„,
מחזור ר„ה ויו„כּ, הומבורג 1721, קעח/א.
־ונג. ־עניש.
אָנצופּן — טרוו. צופּ אָן, ~געצופּט. צופּן
אַ סך. אָנזאַמלען דורך צופּן. אָ, גרעזעלעך
פֿאַרן קראָליקל. „צופּט אָן היי פֿונעם סטויגל
אויפֿן גאָרטן“, הירש דאָבין, אַפֿ דער וו .
סרוסישער ערד, מאָסקווע 1949. אויך אוטוו,
אומפּ. אָנכאַפּן בײַ (פֿאַר). אָ, בײַם האַרצן.
אָנצוקערן — טרוו. ־ער אָן, ~געצוקערט.
אַרײַנגעבן (אַ ביסל) צוקער. באָשיטן מיט
צוקער. אָ, יאַגדעס. אָ, די קאַלטע קאַווע. פֿיג.
אָ, אַ רעדע, אַן אַרטיקל.
אָנצי — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אָנציִען.
שטאַרקער אָ'. אָ, פֿון מעכאַניזם. „מיר אַלע...
זײַנען ווי די גלאָמפּן נאָכגעגאַנגען... כ'האָב

גלײַך געטראַכט: אפֿשר איז דאָס אַן אָ'„,
בּ. שקליאַר, אויף פֿאַלשע וועגן, קאָוונע 1939.
2. (ע)סענץ. „גיס נאָך ניט אָן די טיי, דער אָ,
איז נאָך ניט פֿאַרטיק„. קאָכן קרײַטעכער און
אויסטרינקען דעם אָ.
אָנציאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנציִען (זיך). „די אָ'ס־קראַפֿט פֿוז
דער ערד„, ארז, קמ, 30 l865, No. אָ,(ס)־
צענטער. אָ'(ס)־מיטל.
אָנציאיק — אַדי. נעאָל. וואָס קען אָנציִען,
איז מסוגל אָנצוציִען. וואָס קען האַלטן
געשפּאַנט. אָ'ע רעקלאַמע. אָ'ע פֿאָרשטעלונג.
־איקייט.
אַנציגל — דאָס, ־עך. גאַליציע פֿקפֿ פֿון אָנצוג.
.
מלבּוש פֿון אַ ייִנגל: רעקל און הויזן.
אָנציטערן — ־ער אָן, ~געציטערט. אוטוו —
(אַ בּיסל) ציטערן אַ בּאַשטימטע צײַט. אָ, פֿאַר
קעלט. „זאָל עס [דאָס מײַזל] אַ בּיסל
אַרומטאַנצן, אָ', ווידוי זאָגן — אַ פֿרומע קאַץ כאַפּט
נישט“, פּרץ, 'די פֿרומע קאַץ'. טרוו —
אָנשרעקן. אָ, די קינדער. אויך מיט ז י ו.

אָנצייכענען

אָנצייג — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנצײַגן.

אָנ

-

.

ווײַז. „,... איין אַן צײַג און, פֿרוכט פֿון (צניעות)„, מבֿחר הפּנינים, הומבורג תּצ„ט, נו/א.

אָנצײַגן — אוטוו & טרוו. צײַג אָן, ~געצײַגט.

--

1. אָנווײַזן. אָ, דעם וועג צו.... אָ, אויף דעם פֿאַרבֿרעכער. אָ, מיטן טײַטל אין ספֿר. „דער באַראָמעטער צײַגט אָן (אויף) אַ קאַלט און טרוקן וועטער". "די וואונדר צייכן... אַן צײַגטן צו זײַן איין הילף פֿון גאָט", יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, קיד/ב. „די קאָמיסיע האָט... יעדן מעלהענדלער אָנגעצײַגט וויפֿל ער האָט דאָס רעכט...", קמ, 7 18, 13 No.

2. אַרכ. געבֿן צו וויסן. „,... דא זאָלין די אַלופֿים און אַפּיטרופּסים דען רו„ט אנצײַגין

,

איין חודש דר פֿיר„, תּקק. „וויל דיר אַן צײַגין גרושׂי און, גיוואלטיגי זאַכין", שעריר, לג, 3.

,,און, הוט ישׂראל גישטראָפֿט און, הוט צו אין
ן גיצײַגט וואז אין ווערט גישעהן, ווען זיא
בּויז זײַן", בּראַנט, פֿרק נט. מיט ז י ו —
קזוו. ־ונג. ־ער — אויך יעדער מין
מכשיר וואָס איז אַן אינדיקאַטאָר.
אָ'נציי'טיק — אַדי. וואָס איז אָן צײַט, ניט
--
באַגרענעצט אין צײַט. ,,דאָס וואונדער [פֿון א"י]
איז ניט אַלט און ניט יונג, נאָר ליכטיק אָ'",
לע, טמז, 1963 I י 30. ,,ניט צו דיר, אָ'־
אינסופֿיקער, קוועלט מײַן זינגענדיק שווײַגן,,,
יעקבֿ פֿרידמאַן, ליבשאָפֿט, ת"אָ 1967 ־יקייט
.
— ,,אומקערן זיך... אַהיים, צו אונדזער
אייבּיקער היים אין דער אָ',,, יעקבֿ־שמואל
טויבּיש, אויפֿן שוועל, נ"י, יולי־אויג, 1966.
אָ'נצייכן — דער, ־ס. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנצייבענען. אַ סימבּאָלישער אָ'. אַן
אָ, אויף אַ שטיין. אָן אָ, פֿון אַ לאַנג־
פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה. ,,מע זעט נישט קיין אָ,, מע זאָל
זיך דאָ ערגעץ האָבּן געשלאָגן", פֿישל בּימקאָ,
קעלץ אָ־ג ע ל ט — שׂכר דעם רבּין פֿון אַ
חבֿרה פֿאַרן אָנצייכענען 'שמות המתים ומקום
קבֿורתם'. ,,שלשה זהובֿים לדרשת הרבּי חוץ

אַן צייכן געלט“, תּקנות דחבֿרה קדישה מילות חסדים, אַמשט תּקל“ו.
אָנצייכענען — טרוו. ־כּן אָן, ~געצייכנט.
1. מאַסן אַ צייכענונג (מיט אַ פּען, בּלײַער, קרײַד אע). אָ, אויפֿן פּאַפּיר אַ פֿיגור און זי אויסשנײַדן. אָ, ליניעס, קאָנטורן.
2. מאַכן אַיעדער מין סימן, צייכן (דורך אָנקריצן, אָנשנײַדן אאַזוו). אָ, סימנים וואָס זאָלן פֿאַרבּלײַבּן אויף שטענדיק. „דיא צורות... דיא אין קונשׂטליכי זאַכן אַן גיצייכנט ווערן“, חה, אַמשט 1716, לט/ב. „דאַרף מען אָ, מיטן מעסער פֿאַר דער בּרכה און ערשט צעשנײַדן [די חלות] נאָך דער בּרכה“, סשי I, פּ. „וויל איך סימנים מאַכן אונ, וויל עז פֿארנן אַן צײ כנן“, לט1, נו/ב.
3. אָנמערקן אַ סימן אויף צו דערקענען. „אַ מענטש דאַרף אָ, וואו טהור און וואו טמא“. „גם אַפֿילו פֿירות, וואָס עס איז געמישט גוטע מיט שלעכטע, מוז ער אַפֿילו אָ, פֿאַר יום־טובֿ אויף וועלכן אָרט ער וועט נעמען„, ספֿר שלחן ערוך, ח“א, י/א. “גם אַפֿילו די

אָנצייכענען

תּפֿילין־זעקלעך [פֿון רבינו תּם־תּפֿילין און רשי..
תּפֿילין] קער מען אָנצוצייכענען אַז זיי זאָלן
זיך ניט פֿאַרבײַטן“, דאָרטן, ח“ב, ג/כ. „אין
טעגן משיח ווערן די ישׂראל איר פֿעלדר אַן
צייכנן מיט (אבֿנים טובֿות)“, צור, יא/א.

4. אָנשרײַבן, אָנמאָלן. „איך האָב דיר דאָך
נאָר הײַנט זאַכן אָנגעצייכנט ['כּתבֿתּי לך'],
מיט די טעמים און סבֿרות“, מס, משלי תּקע„ד,
כב, 20. “גאָט האָט געהייסן אָ, אויף דעם
וועג פֿון די (ערי מקלט) די ווערטער (מקלט,
מקלט)...“, תּהליס, וואַרשע 1848, כה, 8.
„(רחמיאל) נעמט דיא תּפֿילה מיט דמעות. . .
די דמעות ווערין אַן גיצייכנט אַן דער טיר„,
נצ 1, ז/ב.

5. אָנווײַזן. אָ אַ פּראָגראַם פֿון דער אַרבעט.

„אַזו בלד דז דער שבת אײַן גיט, אַזו זאָל דער
מענש זינגן אונ, גאָט ב„ה לובן... וויא איך
וועל עס שון אי„ה אַלהיא אַן צייכנן„, אַריה
ליב בר, יהודה זעליגמן, תּקוני המועדים,
פֿיורדא 1729. „האב אַן גיצייכנט די דפֿין, קען
מן איטלכן תּנא טרעפֿן אויף דעם אָרט“, עיון,
הקדמה. “אין ווײַסע בליצן גליט די
פֿײַערשריפֿט וואָס צייכנט אָן מײַן אונטערגאַנג“,

יהואָש, 'שאול'.

6. אָנגעבֿן גרונטשטריכן. אָ, דעם כאַראַקטער פֿ□ן העלד. אָ, דעם גאַנג פֿון אַ פּאָעטס שאַפֿן. „אָנגעצייכנט ליניעס, אָנגעמערקט פֿאַרבֿן, באַשטימט סיטואַציעס“, שנ, ייִד, שרײַבער אין סאָווי־רוסלאַנד. „אָ, די אייגנשאַפֿטן פֿון אַן אָדם גדול קען מען בעסער אין נעגאַטיוון זין [זאָגן ווער עס איז ניט]“, דר, ה. זײַדמאַן, טמז, 1□19 I□וּ 2.

7. באַשטימען עפּעס □אַר עמעצן. באַשטימע□

□

וואָס צו טאָן, וואָס עס זאָל געשען. גיין דעם וועג וואָס די עלטערן האָבן אָנגעצייכנט. אָ, די ראָלע פֿאַרן אַקטיאָר. „די ווירטין... האָט איר אָנגעצייכנט אַ קליינע זאַלעוואַניע“, ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדערט טאָכטער, ווילנע 1888. „האַסט אָנגעצייכנט מיר מײַן וועג פֿון אים

— □

נישט אָפּצוקערן!“, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האָרבסט. “דאָס איז דער גאַנג וואָס גאָט האָט אָנגעצייכנט דעם פֿאָלק צו גיין צום צוגעזאָגטן לאַנד,,, אפֿא, גאָלדענע שקיעה.

8. גזרן. אָנחתמענען דאָס קוויטל. „ווען גאָט האָט אָנגעצײ כנט [אַ שווערן גזר] — אָן [= אין] דעם איז קיין ברכה", שוו, על. "... ער זאַל אַן צייכנן דשׂ יאַר צו רעגנן וואַשׂר", מחזור שלש רגלים, אמשט 1713, פּז/ב. „טוען מיר צו דיר בעטן, מיר זאָלן ח"ו ניט ווערן אָנגעצייכנט מיט בייזן", רה בת טובים, תחנה שלשה שערים, ווילנע 1864. „מע זאָל זיי אָנחתמענען אַ גוט קוויטל, אָ, זיי אַ גוט יאָר„, שע, קליינע מענטשעלעך....

מיט ז י ך — אָ, זיך גרויסע פלענער. „זי האָט מורא געהאַט דאָס שוין מיטן אָנגרייטן איינגעמאַכטס זאָל זי זיך נישט אָ, עפּעס אַ קרענק", יע, יודישע מאכלים, וואַרשע תר"פ, ז, 21. "ס'האָט זיך דיטלעכער אָנגעצייכנט דאָס געדיכטע געוועב פון די קנייטשעלעך„, ה. בלאָשטיין, סאָוו, היימלאַנד, 2 1961, No.

163()

־ונג — אָ'ען אויף גליונות. —עניש —
„אַ ים (הערות) אָ'ן וואָס אין לשון־הקודשן שטייען אונטן„, יפ. עס איז קיין סימן, קיין אָ, ניט געבליבן. "איצט... איז שוין ניט

געוועז קיין אָ, פֿון קיין כמאַרע און ניט פֿון
קײַל נעפֿל", שטערנ, מינסק 7 1932, No־8.
־ער (־ין, ־קע).
אָנצייליק — אַדי. נעאָל. אָנצאָליק? „שאָקלען
קוים מיט לעפֿ ן מיט אָנריידיקע און מורמלען
תּפֿילות שטומע און אָ'ע", צײַט, גש I.
אָנציילן — טרוו. צייל אָן, ~געציילט. 1.
ציילן בּיז צו דעם גאַנצן סכום. אָ, אין זאַל
סדהכּל 52 געסט. „אַזוי פֿיל המן־טאַשן, ווער קען
זיי אָ,?". אָ סאַר אונדזער קאַנדידאַט מער
, —
שטימען ווי פֿאַרן קעגנערישן. אָ, שמיץ. אָ, די
פֿאָר קאָפּקעס = בּאַצאָלן. אָ, אויף די פֿינגער=
פֿאַראַן נאָר עטלעכע, מער ניטאָ. אָ, די ביינער=
שלאָגן איבּערן גאַנצן לײַבּ. 2. אויסרעכענען.
אָ, צען ערלעכע בּעלי־מלאָכות. אָ, די קינדער
וואָס זײַנען אָפּגעשטאַנען אין די לימודים.
"טאָמער האָט איינע אָנגעציילט... מער
ווערטער וואָס אַ קאַוואַליִער האָט איר גערעדט,
איז איר די צווייטע געוואָרן אַ דם־שׂונא", י
גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק, ווילנע 1893.
אויך מיט ז י ך — "וויפֿל נדבֿות האָבּן זיך
אָנגעציילט?" ־עכץ ־עניש.

. .
אָנציינדל — דאָס, ־עך. אָנצאָניקע מושל.
איבּז פֿון אַנאָדאָנט.
אָנציינ יק — אַדי. פּפֿ. —ערדיק. וואָס איז
.
אָן ציין. וואָס האָט ניט קיין ציין. „עס קײט
אירע ליפּן אַן אָ'יק מויל“, מלך ראַוויטש,
קאָנטינענטן און אָקעאָנען. “נעמט זי... כיכיקען
אָ'יק און האַלדזיק“, בּאַש, דער sטtן אין גאָרײַ
אָ'ערדיקע בּעלי־חיים. אָ'ערדיקע אַסלעס. „אַ
י
שטשירענדיקער שאַרבּן וואָס לאַכט צו מיר
אָ'ערדיק“, רובּ, חורבּן פּוילן ־יקייט.

אָנציכלען — טרוו. ־כּל אָן, ~געציכלט.
אַרויפֿטאָן ציכן, ציכלעך. אָ, דאָס בּעטגעוואַנט.
אָן ציל — אַדוו פֿראַזע. אַרכ. i1 : Mhd.
אָן אַן אויפֿהער. אַן אַן ענד. סתּם אַזוי. “דא
זאַמילטן זיך דיא היידן אבּר אַזוא ויל [— פֿיל].

און זאַנט אין דעם מיר [מער, ים] און צאָל אונ,
און ציל“, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 301.
אָ'נציל — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנצילן.

אויסרוף מע זאָל אָנצילן. דירעקטער אָ'. „אַ
קאָמאַנדע: אַלטער אָ, [= מע דאַרף טרעפֿן אין
ציל לויט אַ פֿריִערדיקער אינסטרוקציע] —
אַכציק, אַכציק פֿינף פֿײַער!“, ש ברעגמאַן,
.
דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1931.
אָנציל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָן, ~געציל(י)עט.
.
1. אָנסילען. אַרויפֿצ◌ען אויף אַ פֿאָדעם. אָ,
פּאַטשערקעס. אָ, פּערל אויף אַ שנירל. „
צונויפֿגענומען די שלעסער, אָנגעצילעט זיי אויף
אַ שטריקל„„ איבז, אי. מיקיטענקאָ פֿרימאָרגנ,
,
ק◌עוו 1935. 2. לאָקל (מלאַווע). אָנקלײַבן.
„איך וועל אָ, געלט, וועל איך קויפֿן.....
אָנצילן — טרוו. ציל אָן, ~געצילט.
אײַנשטעלן עס זאָל טרעפֿן אין ציל. אָ, די האַרמאַטן

אָנצינדונג

אויף דער פֿעסטונג. אָ, די ביקס אויף דעם
אַנטלויפֿנדיקן אַרעסטאַנט. „באַמערקט מע האָט
אַ לויפֿנדיקן דײַטשישן סאָלדאַט, איז האָט
מען ביקסן אָנגעשטעלט און אָנגעצילט“, פּמ,

מלחמה I. אָ, די א ו י ג ן = קוקן (אַ לענגערע
צײַט) אין איין באַשטימטער ריכטונג. „אין די
לאַנגע זומערטעג   פֿלעגט שלמה אָנשפּאַרן
...
זײַן קעפּעלע אויף די דלאָניעס, אָ, די א ו י ג ן
אין יענעם אָפּענעם פֿענצטער„, סמב. אויך פֿיג.
אָ, אויף עמעצן גיפֿטיקע פֿײַלן.
אויך מיט ז י ך — "דרײַ ביקסן האָבן זיך
אָנגעצילט אויף....„, רעד, אַקש, 14
אָקטיאַבערס, מאָסקווע 1931.   ־ונג — „די אָ,
האָט געהייסן דעם רעדנער אָדער שרײַבער
שטעלן דעם טראָפּ אויף אַזאַ געדאַנק...", מוו,
היטלערס פּראָפֿעסאָרן   ־עכץ.   ־עניש.
־ער.
אָנצילעוועןן — 1. דזוו אָנצילן.   אויך מיט
ז י ך — "זיך אָנגעצילעוועט און
אַרײַנגעשלײַדערט דעם גלאָבוס גלײַך אין אַן אַרײַן",
איבז,
ק. טשוקאָווסקי, די זוניקע, קיִעוו 1934. ־ער
— "דער אָ'ער האָט גענומען אַ צו הויכן ציל",
איבז, מיכ. שאַלאָכאָוו, די קוילנוואַרפֿער־
קאָמאַנדע, מאָסקווע 1941.   2. דזוו אָנציל(י)ען.
אָנסילען. אָ, פּאַטשערקעס. אָ, פֿערל.
אָ'נצילעך — אַדי.   וואָס קען אָנציִען,

צוציִען. אָ'ער אופֿן דערציילן. ־קייט — „עס פֿעלט [און אַלץ וואָס קומט אַרויס פֿון זײַן פֿעדער] גלאַטקייט, לעבעדיקייט, אָ„„ רעד, משה פֿראַסטיג, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרם„ט, לעמבערג.

אָנצימבלען — טרוו ־בל אָן, ~געצימבלט.

.

1. אָנקלאַפּן אויף אַ צימבל. אָ, אַ מאַרש.

2. אויך אוטוו. אָנשמײַסן. אַרײַנצימבלען. אָ, (אין) דעם זײַט־מיר־מוחל. „ווען מע זאָל דיר אָ', שנײַדן פֿון דיר פּאַסן“, שע. „האָבן די רויטאַרמייער זיך באַגרענעצט בלויז מיט אָ, די אָרדענונג־היטער“, מאַקס העלץ, פֿונעם ווײַסן קרייץ צו דער רויטער פֿאָן, אַדעס 1932. ־עניש. ־ער.

אָנצינד — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנצינדן. פֿלוצעמדיקער אָ'. „דער סוד פֿון מענטשנס לעבן, זײַן אָ, און אויסלעש„„ אַ. גאָרדין, פֿאַש, 1953 X 23. „אָ, איז שוין דער אָנהייב פֿון צאַנק“, אפֿא, לויטער... קוואַל. אָ'־שנור. אָ'־שטאָף. אָ'־מעכאַניזם אין אַ האַנטגראַנאַט. אָ'־באָמבע.

אָנצינדבאַר — אַדי. דטשמ. נר. וואָס מע קען (גרינג) אָנצינדן. אָ'ע מאַטעריאַלן. ־קייט.

אָנצינדונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אָנצינדן. אָ, פֿון די פֿײַערן.
2. יעדער מין קראַנקייט מיט היץ, מיט רויט ווערן און געשוואָלן ווערן פֿון אַן אבֿר, פֿון אַן אָרגאַן. לונגען־אָ'. נירן אָ'. אויער־אָ, פֿון
-
. ,,
דעם קומט אין די בֿריסט פֿאַרהאַרטונג. אָ', בֿאקומט אייטער (מאַטעריע) אין איינער אָדער אין בֿיידע בֿריסט", מלכּה בֿערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. ,,דער קוק אויף דער אָ, פֿון דער בֿלינדער קישקע איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער" פֿגעז, ווילנע 1925 2 ,No. ,,מע
—
,

אָנצינדלעך

דאַרף מאַכן   פֿון אַ קאַטאַר — אָן אָ, פֿון
-
,   ...
בֿויכווייטיק אַ טיפֿוס,,, פּרץ, געדאַנקען און אידייען.
אָנצינדלעך — אַדי. נעאַל   1. וואָס מע קען אָנצינדן. אָ'ע מאַטעריאַלן, שטאָפֿן.   2. וואָס קען קריגן אַן אָנצינדונג. אַן אָ'ע קראַנקייט.
"... ווערט דער קראַנקער אָרט אין לונג... אַרומגערינגלט אַפֿריִער מיט אַן אָ'ער געוועבֿ",

צש פֿגעז, ווילנע 5 1924' No ־קייט.

, .

אָנצינדן — טרוו. צינד אָן, ~געצונדן. 1. מאַכן עס זאָל אָנהייבן בּרענען. אָ, האָלץ. אָ, דעם לאָמפּ. אויך פֿיג. *אָ, די געמיטער = אויפֿהעצן; אונטערהעצן. אָ, די געבּליטן = אויפֿרייצן. אָ אַ פֿײַער. אָ, שוואַרצע ליכט =

,

אַרײַנלייגן אין חרם. *אָ, ליכט בּײַטאָג = טאָן איבּעריקע אַרבּעט, מיי. *אָ, דעם שבּת־לאָמפּ = אויך: גרייטן זיך צו אַ משפּחה־יום־טובֿ. t בּ פֿאַרטײַטשט: „מעבֿיר או מדליק — ער צינט אַן". „[חוה] האָט פֿר לעשט דאשׂ ליכט פֿ ן מענשן, דז ער מוז שטערבּן, דרום מוזן דיא ווייבּר ליכט אַן צינדן", טח, ויקרא, טו, 19. „די רשעים האבּן איין גרושׂ פֿײַאר אַן גיצינד אונ, האבּן דיא ספֿרים דינן טון פֿר בּרענן„, ווינץ. "מן זול ליכט אַן צונדן אין פֿינסטרי גסין", בּראַנט, פֿרק ל. „נון איך מײַד, טאָכטר דײַנר מײַד, איך האבּ אויך אנצינט צווייא ליכט נאָך גיהיישׂ [= געהייס, פֿאַרזאָג] דײַנר (חכמים)„, קהלת שלמה, אַמשט 1744 מ/ד [פֿון אַ תּחינה צו ליכט־בּענטשן]. „מן זאָל קיין ליכט אַן

צינדן אַן שבּתות צו נאַכט בּיז דשׂ קהל גאַנץ אוישׂ האָט ויהי נועם ואַתּה קדוש“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו 1796. „דער ליכטפֿאַכטער האָט די הויט געשונדן פֿאַר איטלעכן ליכט וואָס מ'האָט אָנגעצונדן„, הירש רײַטמאַן, דער קיטטעל, ווין 1863. [מע פֿלעגט אָ, ליכט פֿאַרן עמוד בּעתן דאַוונען, ווען עס האָט זיך געחלומט אַ בּייזער חלום.]

2. אונטערצינדן. פֿאַרבּרענען. „ווען מע צינדט אָן דעם שכנס הויז, קומען (בּאַווײַזן זיך) פֿלאַמען אויפֿן אייגענעם דאַך“, שוו. „זיא וערן אַן צינדן אונ אײַן הייצן מיט די וואפֿונג אוז שילטן“, סהמ, יחזקאל, לט, 9. „עטליכי טעג נאָך שבֿועות האָט מן ווירמשא און גיצונדן„, נײַא קלאָג ליד פֿון חורבּן ק„ק וורמיישא, אַמשט 1723. „... האָט אונטר גגראבּן אונטר די רעדר פֿון די (אילי הבּרזל) אונ הט דורט גלייגט פּעך אונ הט עשׂ אַן גצונדן„, שי, יט/א. „מחמת גרויס כּעס האָט ער געהייסן אָ, די שטאָט פֿון אַלע פֿיר עקן“, ממוס, קליאַטשע. אָ, די וועלט = אָנהייבּן אַ וועלט־מלחמה. קללה: „אַ פֿײַער זאָל אים אָ'!„.

3. מאַכן עס זאָל אויסזען ווי עס בּרענט. „די זון די בּלוטיקע איז פֿאַרגאַנגען אין

פֿלאַמען, אָנגעצונדן אויף אַ ווײַלע די שפּיצן פֿון
וואַלד“, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. „דו האָסט
אין דער ווײַט פֿ□ן מײַן וועג מיר אַ שײַן
אָנגעצונדן, כאָטש דו ביסט קיינמאָל ניט געווען,,,
מל. „צינדסטו אָן מיט טויזנטער רונדיקע זונען
די פֿעלדער פֿון רויזן,,, חג פּליטים. □דער

1□31

הימל אָנגעצונדן אים אַ שטערנדיקן דאַך,,, האַל,
מ□.ן אוצר.
4. מאַכן מע זאָל ווערן רויט. געוויינלעך
אין פּאַסיוו. „די קאָמפּלימענטן צינדן אָן אירע
בעקעלעך,,. אָנגעצונדן ווערן פֿון אַ גלעט. „דער
בלאָזזאַק הידעט, הידעט — און שלמהלע ווערט
אָנגעצונדן, רויט ווי פֿײַער,,, ממוס, שלמה.
5. אַרײַנברענגען אין צאָרן. געוויינלעך אין
פּאַסיוו. “זײַנע רייד צינדן אים אָן און ער
צעשרײַט זיך,,. „באַרואיק זיך פֿ□ן וואָס ביסטו
.
אַזוי אָנגעצונדן געוואָרן?“. „זײַן גאָט...
וויבאַלד עפּעס ניט אַזוי... ווערט ברוגז, שטאַרק
אָנגעצונדן און באַשטראָפֿט“, ממוס, שלמהי

,,האָט דאָס אים פֿאַרברענט און פֿאַרבראָטן. טאַקע ממש אָנגעצונדן“, שע.
6. ברענגען צו אַ קעגנאַנדיקייט. דערפֿירן צו אַ קריגערײַ. ,,אָ אַ מלחמה, קריגערײַ, גע,
שלעג. “רק רשעים... די אָט המחלוקת בינו אַן גיצונדן האבּן“, אגרת שלמה, יח/א. ,,די גוׂססע באַקוקן זיך... פֿ ן אויג און האַרץ פֿאַרשוואונדן איז יענע שׂנאה וועלכע האָט דאָס לעבּן אָנגעצונדן,,, יהואָש, 'דער לעצטער שלום'.
7. אויפֿוועקן אַ שטאַרק געפֿיל, אַ לײַדנשאַפֿט. אָ אַ נײַע תּאווה. אָ, גלוסטונגען, באַ,

-

גערן אע. ,,אַך שיינעס מעדכען, דו איידל קינד, ווער האָט אין דיר די ליבע אָנגעצינדט?,,, פֿל. ,,האבּן זיא [די פֿרויען] גיטרעטן [די בחורים] אויף דיא פֿיס צו ווײַזן איין ליבשאַפֿט, צו ן צינדן דען יצר הרע אַן אין,,, סהמ, ישעיה, ווילהרמרשׂדאָרף 1716, ד/א. “... אויך אַלטין ווײַן דר מיך אַן גיצונדן האָט ווי איין קאַליך

אובֿן [= אויוון]“, משה אײַזענשטאַט איבֿז,
דרך הישר לאבֿן בּוחן, 1746. „רפֿאל האָט
אָנגעצונדן אין חנצעס האַרץ אַ העליש פֿײַער און
אַליין אויך געבֿרענט צו איר“, ממוס, ווינטשפֿ.
„די ליבֿע, זי צינדט נישט מער אָן מײַן
פֿאַרלאַנג“, סעג, לירישע לידער אָ, דאָס ה אַ ר ץ =
.
אויפֿוועקן אַ שטאַרק געפֿיל. אָ, דאָס האַרץ מ◌ט
רחמנות. „בּהעלותך את הנרות — מע דאַרף אָ,
◌ ידישע הערצער“, חסידישער אויסטײַטש. „איך
זוך כאָטש אַן אָנדײַט פֿון אַ קלאַנג, זאָל זײַן —
אַ שוואַכן, אָנצוצינדן פֿונדאָסנײַ דאָס האַרץ פֿון
מענטש און זאַכן“, הל, אין טרעבֿלינקע....
8. ספּעצ. אויפֿוועקן מוט, דערמוטיקן.
דורכנעמען מיט געהויבֿנקייט. אָ, מוט, העלדישקייט,
חשיבֿות צו זיך אַליין אע אָ, די זעאונג פֿון
משיחס צײַטן, דעם חלום פֿון גאולה. „ער
האַלט די געפֿאַלענע אונטער א◌ן ער צינדט
די פֿאַרלאָשענע אָן„, אַל, 'בּר־כּוכבֿא'. „[דוד
עדעלשטאַט] האָט אָנגעצונדן אין די...
אָפּהענטיקע אַ פֿאָרשטעלונג פֿאַר שיינס און גוטס„,
א. י. זאַקוסקי, [דוד עדעלשטאט..., בּ„א 1955].
„וואָס דאַרף אַ וואָרט? — אַ האַרץ געפֿונען

און אָ, אין דעם אַ טרוים,,, י. קאָטליאַר, סאָוו,
היימלאַנד, 2 No ,1962. ,,דער בעל־שם האָט...
[געוואָלט] אָ'... דורות מיטן געטלעכן ליכט
פֿון אור הגנוז,,, הרבֿ מ. שוואַרצמאַן,
אַמעריקאַנער, 0□19 II□י 3.

אָנצינדן זיך — ← דפֿוו. שטע□ן צינדן
זיו אָן אין הימל. אַ באַגער צו לעבן צינדט

אָנצ□ען

זיך אָן אין האַרץ. מע קען זיך אָ, פֿון כּעס,
פֿון התפּעלות. די יוכע צינדט זיך אָן אין
עשׂוקען. *זיך גיך אָ, = ווערן גיך אין כּעס,
אויפֿגעקאָכט אע. *די תּורה האָט זיך (אין) אים
אָנגעצונדן = דז איר וועגן אַ לערנער. פֿפֿ: אָ,

□

זיך ווי אַ פֿײַער, וו אַ העליש פֿײַער, וו אַ
י י

פֿלאַם פֿײַער; אָ, זיך ווי אַ קינעלע, אַ
שוועבעלע, אַ סטויג (קופּע) היי; אָ, זיך ווי עשׂו(קע),
ווי יורקע.
,,עס האָט זיך אָנגעצונדן אַ גרויסער פֿײַער
אַזוי ווי שטרוי אין אַ שײַער,, פּל. ,,אַ

שווע,

בעלע צינדט זיך גיך אָן און ווערט בּאַלד

פֿאָרלאָשן“, שוו. „(כּי יבער כּמעט אַפּו) דען עשׂ

ווערט זיך אַן צינדן שיר זײַן צאָרן“, סה󠄀ו,

תהלים, ב, 12. „שמואליקס אַלטע

אויסגעלאָשענע אויגן צינדן זיך אָן מיטן אַמאָליקן

פֿײַערל“, ש󠄀ג, יוסילע סאָלאָוויי. „מײַן יונגע

בּלוט פֿלעגט קאָכן, פֿלעגט זיך אָ, און ז󠄀דן,,,

אר, 'מײַן צוריקקער אַהיים'. „אין בּר־יוחננס

אויגן האָט זיך אַ פֿײַערל אָנגעצונדן“, אשט,

מײַסעלעך. “אין בּעל־רחמים גיט זיך אַ צינד

אָן דער כּעס“, חג, צמח אַטלאַס. קללה: „זאָל

דיר אַרײַן אַ פֿונק אין דער לונג. אַז ס'לעבּערל

זאָל זיך דערבּײַ אָ!„ (וואַרשע, אונטערוועלט).

־עכץ. ־עניש. ־ער — ציגאַר־אָ,.

אויטאָמאַטישער אָ'. „אַן צינדר פֿון דיא צאָרן,,,

יוסיפֿון, אַמשט 1743, קכד ־ערין ־

ער. ,

קע. ־ערײַ.

אָנצינדעוודיק — אַדי. וואָס מע קען (גרינג)

אָנצינדן. אָ'ע מאַטעריאַלן —יקייט.

.

אָנצ󠄀עוודיק — אַדי. וואָס ציט אָן, ציט צו,

רופֿט אַרויס אינטערעס. וואָס פֿאַרווײַלט. אַ
בלאַסע קאָפּיע פֿון אַן אָ'ן אָריגינאַל. אַן אָ'ע
פּאַנאָראַמע ־יקייט.

.

אָנצ▯ען — אוטוו. צי אָן, ~געצויגן. 1.
אָנקומען צו אַ באַשטימטן אָרט אין אַ
באַשטימטער צײַט. באַווײַזן אָנצוקומען. דערפֿאָרן.
גרייכן. אָ, אַהיים אויף פּסח. „ער וועט זען
ווי ווײַט מעגלעך אָ, צו דער בר־מצווה“, קמ,
18 1864, No. „אויף יום־כּיפּור האָבן מיר
אָנגעצויגן צו אַן אָאַזיס“, אנדו, דיא וויסטענײַא
זאַהאַראַ, ווילנע 1868. „מײַן בעל־הבית האָט
זיך באַרעכנט אַז איך [= זײַן פֿערד] ווועל קענע▯
אָ, אויף שבת נאָך פּרי“, אבג, גלגול, וואַרשע
תּרנ„ו. „איך האָב מיך געאײַלט, געוואָלט אָ,
ערגעץ אויף אַ נאַכטלעגער„, ממוס, קליאַטשע.
2. זיך באַווײַזן. אָנקומען פֿון ערגעץ. אַ ווינט
ציט אָן פֿון מערבֿ־זײַט. וואָלקנס צ▯ען אָן אויפֿן
הימל. אורחים צ▯ען אָן פֿון פֿאַרשיידענע קאַנטן.
„אינמיטן האָט אָנגעצוי▯ן דער קאַלטער
האַרבסט„, ב. רעסלער, טמז, 1967 III▯ו ▯2.
3. ווײַטער ציִען דאָס לעבן. „ער וועט שוין
לאַנג ניט אָ▯, ער גייט אויס„. „איך וואָלט

לאַנג ניט אָנגעצויגן, ווען ניט זי, מײַן מלאך,,..
,,ד אַלטע איז קראַנק... אינגאַנצן צעפֿאָרן
י

און וועט שוין לאַנג ניט אָ,", ש. גאָדינער, דער
טענטש מיט דער ביקם, מאָסקווע 1928.
4. דריטפּערזאָניק. געשוואָלן ווערן. האָבן
א ן זיך אייטער (און האַלטן בײַם אויפֿרײַסן).
אַ געשוו לעכץ, אַ געשוויר, אַ מכּה, אַ בלאָטער

אָנצ ען

ציִען אָן. ,,זעסט, אַ פֿינגער ציט מיר אָן,,.. ,,אַ
רויטקייט ציט גוט אָן", טאַרלער רבי, סגולות
ורפֿואות II, לאָדזש, 1910 (?).
5. האָבן דערפֿאָלג. אָנרײַסן. ,,די פּיעסע
האָט אָנגעצויגן". ,,איר זעט דאָך, די משוגענע
מוזיק ציט אָן".
אָנצ ען — טרוו. ← דפֿוו. 1. מאַכן
שטײַפֿער. אײַנשטײַפֿן. אָנשפּאַנען. אָ, דעם ב ו י ג ן
און אַרויסשיסן אַ ײַל. "אַ מאַן האָט
אָנגעצויגן זײַן בויגן גלאַט אין דער וועלט און האָט
געטראָפֿן דעם מלך פֿון ישׂראל", תּי, דבֿרי
הימים ב, יח, 33. אָ, אַ ז ײַ ג ע ר [= אָ, די

קייט בײַ אַ וואַנטזייגער, די ספּרונזשינע בײַ אַ האַנטזייגער]. „שבת איז אָסור אָנצוצלען אַ זייגער“, דרך אָדס, וואַרשע 1860. „דאָס לעבֿן איז גע□ליכן צו אַ זייגער: אַ זייגער דאַרף מען אָ, און דאָס לעבֿן מוז אויך אָנגעצויגן ווערן“, נאַד. “ער טויג אָנצוציִען דעם זייגער, ניט צו ווערן זײַנס אַ רעדל“, שנ□ לעזער, דיכטער, קריטיקער I. אָ, די ל יי ִ צ ע ס. זיך אויפֿשטעלן און מיט אַלע כּוחות אָ, די לייצעס. פֿיג. מע טאָר ניט צו שטאַרק אָ, די לייצעס = מע טאָר ניט אַרויפֿצווינגען אַ צו שטרענגע דיסציפּלין. אָ, די ס ט ר ו נ ע. „אַ גוטער מוזיקער זאָל ריכטיק אָ, די סטרונעס“, יחיאל־מיכל היילפּערין, דאָט יודענטהום על פּי התּלמוד, אַדעס 1890 פֿיג מיטן בֿ: זײַן צו שטרענג פֿאָדערן

. ׳

צו פֿיל. “מע טאָר ניט צו פֿיל אָ, די סטרונע“; “אַז מע ציט צו פֿיל אָן די סטרונע, פּלאַצט (לאָפֿנעט) זי“, שוו. אָ, די ר צ ו ע ו ת בײַם לייגן תּפֿילין. „זאָל מן דיא תּפֿיל□ן פֿר אויף דען קאָפּא ליגן און, אי מן דיא רצועות רעכט אַן ציכט זאַל מן דיא ברכה אויז לאָזן“, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ, תּמ״ה? פֿפֿ: אָ,

וו אַ זייגער ווי אַ סטרונע.
'
2. דורכפֿירן אַן אַרבעט וואָס האָט אין זיך
ציִען אַהין און צוריק, אויסציִען, אַרויפֿציִען
אע. אָ, וו אַ ס ע ר פֿון ברונעם. אָ אַ פֿולע
'
קאָרעטע [ביַים אָנשעפֿן האָט מען געדאַרפֿט
אַרויפֿציִען אַן עמער מיט אַ שטריק, אָ שטאַנג].
אָ אַ סך ל י כ ט אויף די קנויטן. אַ שניַידער
'
ציט אָן ט אַ ש מ ע וואָס ער נייט אָן פֿון דער
לינקער זיַיט ביַי אַ ברעג פֿון אַ קלייד. אַ
שניַידער קען אויך אָ, פֿ אַ ל ד ן פֿון אַ קלייד. אַ
שוסטער ציט אָן ל ע ד ע ר אויף די קאַפּיטעס.
גאַרבערס ציִען אויך אָן לעדער. "די קריניקער
[— פֿון שטעטל קריניק] גאַרבערס פֿלעגן זיך
חכמהן: „כּי מציון תּצא, — די לעדער דאַרף
מען ציִען, אויסציִען, אָ"", ח. שעסקין,
ייִשפּ III יX, 2. שמידן ציִען אָן איַיזערנע
ר ייִ פֿ ן אויף רעדער. סטאָלאַרעס ציִען אָן די
'

אײַנגעפּוגעוועטע ב ר ע ט ע ר מיט קלינעס.
בּלעכערס ציִען אָן ז י פּ ן , ס (י) ע ט ק ע ס
פֿאַר מילך. וועבּערס ציִען אָן גרעמפּליעס אויפֿן
בּאַראַבּאַן. אײַנבּינדערס ציִען אָן רוקנס אויף אַ
בּוך אאַזוו „ווען [דער אַפּרעטור־צילינדער]
ווערט דערהיצט, ציט מען אָן אויף אים די
קליידער און האַלט בּיז זיי ווערן טרוקן“,
ש שפּירא, קליידער פֿאַרבּערײַ, וואַרשע □)19.
“... ציט אָן אַ גאָלמעסער אויף אָ רימען“,

1632

בּימקאָ□ גנבֿים. בּעל־הבּיתטעס צ□ען אָן פֿאָר—
האַנגען אויף די פֿענצטער.

3. אַרויפֿציִען. אויסשפּרייטן. אָנסילען. אַרוי□־
בּרענגען. אָ, ציכלעך אויף קישנס, פֿערענעס.
אָ, לײַלעכער אויף בּעטן. אָ, קרעלן אויף אַ
שנירל. “אויף אַ מת... זי□ן טאָג זאָל ער
קלאָגן, דרײַסיק טאָג זאָל ער קיין ווײַסצײַג
ניט אָ'“, ר, אַבֿרהם עפּשטיין, בּרך אַבֿרהם,
לאַשטשעוו 1817. „אויך איך האָכּ אָנגעצויגן
מײַנע אַלטע אָפּגעניצטע זעגל און שווים צו
דײַנע וואַסערן“, חג, דער מענטש פֿון פֿײַער.

אויך פּיג ,,די מגידים דאַרפֿן אָ, זייערע דרשות
אויף קינדער־ערציאונג,,, אַבֿרהם־יצחק
בּוכבּינדער (איש אָדעססאַ), דער בּלומען־גאָרטן, ווילנע
.1885

4. מאַכן אויס שלאַבּעריק פּאַרשטײַפֿן אַ
.
גליד פֿון קערפּער. אָ, די מוסקלען פֿון האַנט.
אָ, דעם אָרעם, די האַנט. אַ הונט ציט אָן
דעם וויידל. ,,ער האָט אָנגעצויגן די הויט אויפֿן
פּנים [פֿון פּאַציענט]", אָפּאַ, 'דער ערשטער
פּאַציענט'. אָ, די א ו י ע ר ן , ◌ 390.

5. אַרכ אָנטאָן. ,,זול זי אַכטונג געבּן דאז
דער מאַן דיא קליידר רעכט אַנציכט, ניט פֿר
ווענט", בּראַנט, פּרק ה. ,,... דאַך וואָלטן זיא
אונ, איר טעכטער אַן ציהן אין גאָלד אונ, אין
זילבּר,,, כּוכבא דשביט, אַמשט 1695. "זאָל אויף
קיינם מאַן זײַן פֿרויאן קליידר אונ, קיין פֿרויא
זאָל אַן ציהן מאַנין קליידר", מחזור שלש
רגלים, אַמשט 1713, רכח/ב. "זאָל ער זײַני
שבּת קליידר אַן ציהן שין ווײַש גיוועשן", לט 1,
נז/ב. [◌אַר כּלל־שפּראַך — דטשמ].

6. אַרויפֿשלעפּן, אַרויפֿציִען אויף זיך בּײַם
אָנטאָן. אָ, אויף זיך אַ צו ענגן סוועדער. אָ,
אַ מלבּוש איבּערן קאָפּ. ,,בּאַלד נאָך דעם בּאָדן

[דאָס קינד], דאַרף מען אָפּווישן מיט אַ טרוקענע וואַרעמע טוך און באַלד אָ אַ ריינע און
טרו,

קענע העמד", מלכּה בערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. „אַזוי ווי שניי אין זומער און רעגן בעת מע שנײַדט תּבֿואה — אַזוי איז אַ פֿראָסטאַק וואָס ציט אָן שבת אַ שטרײַמל", יהושע מזח, המזכּיר, קאַצענעלענבויגן'ס לוח צוס יאהר תּרנ"ח, ווילנע. "האָט זי... די הענטשקעס לאַנגזאַם אָנגעצויגן, דערבײַ גערעדט דאָרט אַרן געלאַכט„, סעג, 'רעגינאַ.. „האָט זי זיך געקליבן אָ, אַנדערע זאָקן און געהייסן פּענעקן זיך אויסדרייען", בערג, בײַם דניעפּער II. "ער האָט נישט אָנגעצויגן איבער זיך עפּעס אַ טלית", לע, טמז, 23 1969 IX.

7. בײַטן דעם אויסדרוק (פֿיג לויט ב6). אָ, אויפֿן פּנים אַ שמייכל. אָ אַ שמייכלענדיק פּנים.

,

„זי האָט אָנגעצויגן אויף זיך אַ פֿרומע און אַ הייליקע מאַסקע", ש. בעקערמאָן, הדסה, אַדעס 1884. "אַ פּנים האָט ער אָנגעצויגן אויף זיך אַזאַ פֿרומס", שע, בלאָנדזענדע שטערן II. "ציט אויף זיך אָן אַ שטרענגע מינע„, אַר,

'צוויי בּרידער'. *אָ, אויף זיך אַן אַנדער פֿעל = מאַכן אַן אָנשטעל אַז מע האָט זיך אינגאַנצן געבּיטן.

8. דורכגענומען ווערן פֿון (מיט) עפּעס. ז□ך אַרויסווײַזן מיט עפּעס (פֿיג לויט בּ6). צו פֿרי

אָנצ□ען

אָ, אויף זיך די ע ל ט ע ר. אָ, אויף זיך דעם ד ל ו ת. אָ, אויף זיך אַ (די) מרה־שחוֹרה. אָ, אויף זיך (פֿאַלשע) עניוות.

9. צוציִען. פֿאַראינטערעסירן. די אונטערנעמונג וועט אָ, אַן עולם. “די לוויה האָט אָנגעצויגן אַ גרויסן עולם פֿון אַלערליי שטאַנדן“, חג, 'די שבֿועה'. „די ישיבֿה ציט אָן אַ יוגנט פֿון די אַרומיקע שטעטלעך“. „ער איז אַ בּאַנקקוועטשער און קען ניט אָ, קיין קונים„, חג, טמז, 7 1966 I. „די שטילקייט פֿון דער נאַכט האָט משהן אָנגעצויגן„, י בּערלין, משה דער טרעגער.. , נ“י 1901.

1O. נעמען אויף זיך. אָ, נאָך אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג אע “ער ציט אָן אויף זיך דעם ייִדישן טעאַטער“, בּעמ □וI. „איך האָבּ אָבּער

מורא געהאַט אָ, אויף זיך אַ גרויסע הוצאָה,,,

י)ראָל רוחמו סקי, זכרונות פֿון מײַן לעבן, פּאַריז 1930.

11. מאַכן עס זאָל שטײַגן, ברענגען צו אַ העכערער מדרנה. נעמען אַ שותּף און אָ, דאָס געשעפֿט. לעבן ברייט כּדי אָנצוצ ען (אַ) קרעדיט. ,,ווען זי זאָל האָבן כאָטש וויפֿל עס איז נדן, וואָלט מען געקענט אָ, [אַ שידוך] אַ ביסל העכער״, ש. ש. גרינפֿעלד, די ארמע געבילדעטע, ווילנע 1895.

12. געבן אַ שטויס צו עפּעס. פֿאַרפֿירן. אויפֿהעצן. אָ אַ שמועס. אָ אַ קריגערײַ, אַ מחלוקת. אָ, אַ פֿאַראיבל. ,,די פֿאָרפֿאָלק האָבן אַזאַ קריג אָנגעצויגן... אַז עס האָט כמעט בײַ אַ געשלעג געהאַלטן״, י. בודזאָהן, דער גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927.

13. אויך אוטוו. מאַכן עס זאָל אײַנזאַפּן, אַרײַנזאַפּן אין זיך. אַבסאָרבירן. מע דאַרף אָ, טיי. ״די טיי האָט נאָך ניט אָנגעצויגן, נאָך ניט באַוויזן, אַרײַננעמען גענוג סענץ״. אַ פּײַכטקייט ציט אָן א ן די ביינער. דער קעלער ציט אָן

אַ ײַכטקייט. "די קליידער ציִען אָן דעם ריח פֿון טוכלעקייט,,. "קען די לופֿט ניט אָ, אין זיך קיין סך בענזין און ס'קאָס ן די װעשערײַ זייער ביליק", ש. שפּיראָ, קליידער פֿאַרבער ., װאַרשע 1900. ,,אַרײַנגעװאָרפֿן שװאַרצע עפּערלעך און... ביז דער בראָנפֿן האָט גוט אָנגעצויגן...,,, י. טיגער, דער צדיק און דער בעלתּשובה. ,,אַזאַ מין טרויעריק ליד... ציט און ציט אַלע סטרונעס אין גײַסט מיט טרויער אָן, אַלע בעכערס אין האַרץ מיט טרערן אָן", מלך ראַוויטש, נאַקעטע לידער.

14 פֿאַראינטריגירן. אויפֿוועקן נײַגער,

אינ

-

.

טערעס. פֿאַרנאַרן צו טאָן עפּעס (כּדי צו קענען אָפּלאַכן). קיבעצן. אָ, דעם נאַאיוון חבֿר. אָ, דעם עולם־גולם. אָ, עמעצן בײַם שפּילן פּאָקער. א, פֿאַרטשעפּען אַ מיידל. נעמען דעם יונג

, —

אויף זיכער, אים אָ', ער זאָל טאַקע.... "ער האָט מיך געוואָלט אָ', אָבער איך בין מיר אַ

קאַלטער לונג־און־לעבער און איך האָב זיך ניט געלאָזט". "וועמען ווילסט עס אָ'? הער אויף צו טשאַקען און צו קלאַפּן ליגנס". „ער האָט אים נאָר אַזוי אָנגעצויגן, און יענער האָט געמיינט אויף אָן אמת". „ווען אים געבן... ראָמאַנען... וועלכע וועלן אים בילדן, באַלערן

אָנצ׳ענדיק

אָבער צוגלײַך אויך אָ',,, מישאַל, דער גראַף און דיא יידין, ווילנע 1895. „וויל איך הערן מעשׂהלעך און ניט געזאַנג... טאָ פּרוּוו איך שטיפּעריש די באָבען אָ',,, אַל I, 'פּון דער באָבעס מעשׂיות'. *אָ, אויף דער וו ע נ ט ק ע = פּאַרפּירן, אַרויפּפּירן אויף אַ גליטש. אויך:
-

אָ, אויף אַ ד ר אָ ט. 15. נעמען, מאָנ׳ן מער. אָ, צען קאָפּיקעס אויפּן פּרײַז (סחורה).
אָנצ׳ענדיק — אַדי. 1. גערונדיוו פּון אָנציִען
(׳.). וואָס ציט אָן; וואָס ציט צו. אַטראַקטיוו. אַן אָ'ער אָנבאָט. אַן אָ'ער ענין. „אַלע שמד־שטיק זײַנען פּאַר דער יוגנט אָ',, פּאַש,

,

2 .15 ▯1967 III. אַרכ. וואָס מע טוט אָן מיט
אמתע אַרבל. ״דימשאק ואַטליס אום הין אַן
ציהנדיג אָסור לעשׂות מכּאן ולהבּא...,,, 'פּנקס
מדינת ליטא', תּקוני בגדים, ועד שפּ,,ח. [
אָנציִענד — דטשמ, נר.] ־יקייט — ,,אַלע...
משיחישע חלומות האָבּן מיט אַ גרויסער אָ,
זיך דאָרט אָרויסאַנטפּלעקט,,, דרוס־אַפֿריקע,
יוני 1948.

אָנצ▯עז זיך — ← אָנציִען. צו אָנציִען, אוטוו:
,,אַ כמאַרע האָט זיך גלײַך אָנגעצויגן אויפֿן
שיינעם דרויסן״, אי. קיפּניס, 'אונטערוועגנס',
סאָוו, היימלאַנד, 5 1968, No. צו אָנציִען,
טרוו, בּ1: ,,איין מאָל אין דרײַ יאָר מיט ▯יר
מאָנאַטן ציט זיך אַליין אָן [דער מעטראָנאָם]״,
קמ, 1867, l2 No. צום בּ4: ,,זיך אָנגעצויגן
יעדער אויגנבליק האָט שטײַף,,, פּמ, מלחמה I.
,,אַ נײַע הויט האָט זיך אויף אים אָנגעצויגן,
ער איז ווידער געוואָרן לעבּנסלוסטיק״.
צום בּ5: ,,האָט זיך אַן גיצאגן אונ, איז
הינוועק גנגן״, בּראַנט, פּרק, יג. ,,דערנאָך [נאָכן
קומען פֿון מקווה] זאָל מען זיך אָ, די
שבּתקליידער,,, עח, מה/א. צום בּ6: ,,די
הענטשקעס זײַנען צו קליינע, זיי צ▯ען זיך ניט אָן,,.

צום בּ7: „אויפֿן פּנים ציט זיך אָן אָ פֿאַרדראָס“.

צום בּ13: ￼די טיי האָט זיך אָנגעצוי￼ן“. „זיך אָ, מיט דעם רויך פֿון רבּינס הילצערנער פּיפּקע„, יד, אבֿן נגף.

אויך: האָבּן אַ קיום. זיך ציִען, געדויערן. „גליק ציט זיך בּײַ קיינעם ניט אָן צו לאַנג„. „דײַן געלטליכשׂ ציהראט [= פֿאַרמעגן] ווערט זיך ניט לאַנג בּײַ דיר אַן ציהן„, א. פֿאַוויר, איבּז, בּחינות עולס, זשאָלקעוו תּקס“ה.

אויו: ווערן בּר￼גז, אָנבּלאָזן זיך. „האַלטן זיך שטײַף, אָפֿיציעל, קאַלט. „זי האָט זיך געכאַפּט אַז זי האָט עס נישט געדאַרפֿט רעדן... און בּיסלעכווײַז, שווײַגנדיק, זיך צוריק אָנגעצויגן„, אָפּאַ, אַליין.

־עכץ. —ענישׁ — “מערקווירדיקע איבּערגאַנגען, אָ'ן, אַ וואַנט מיט אַ וואַנט...„, קאָר II.

־ער — „לא דובּים ולא יער — אָט סאַראַ שטיקל אָ'!“, בּ. שקליאַר, אויף פֿאַלשע וועגן, קאָוונע 1939. „איַ... בּיסט געבּליבּן אַן אָ, און וועסט פּגרן אַזאַ„, א. קאַרפּינאָוויטש, בּײַם ווילנער דורכהויף, ת„אַ 1967. אויך: מכשיר אָנצוצ￼ען (← אָנציִען, טרוו בּ2) בּײַ בּלעכערס: אַ שטיקל שטאָל מיט אַ לעכל אויף אָנציִען די

ניטן. ־ערײַ.

1▯33

אָנצ▯ערל — דאָס, ־עך. צאַצקע, טייל פֿון
אַ װענטקע, אויף צוצוציִען פֿיש אָן אַ װערעמל
אע. „אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ שיפֿל...
געשלײַדערט אונדזערע אָ'לעך אין דער טיפֿעניש —
און כאָטש שרײַ חי־וקים“, פֿאָר (7), 1959
17 ▯III.
אָנציעשען זיך — ← אָנטיעשען זיך.

-

אָנציסערן — טרוו. ־ער אָן, ~געציפֿערט.
1. אָנשרײַבן ציפֿערן. אָ, אַ גאַנץ זײַטל. אָ,
די זײַטן פֿון מאַנוסקריפּט. 2. אָנרעכענען
(מיט ביטול). „וואָס האָסטו דאָ אָנגעציפֿערט?„
אַנציקונג — ← אַנטציקונג. אַרויסווײַזן אַ'.
„און איצט מיט אַ, און פּחד באַגלײַך איך שטיי
דאָ פֿאַר ווילדן פֿאַר טײַגישן טײַך„, אַקש, מזרח
,
און מערבֿ.

אַנציקט — ← אַנטציקט. „איז ער אַ,
געוואָרן פֿון זײַן חכמה“, אַלפֿס, דער יודישער
גרויס־וויזיר, ווילנע, יאָר? „פֿון דיר בין איך
פּשוט אַ„ דו ביסט ניט קיין ליימענער גולם„,
זיאַמע טעלעסין, אַף מײַנע אַכראַיעס, מאָסקווע
.19▯8
אָנציקלען — טרוו ־קל אָן, ~געציקלט.

קונ
-

▯

ציק, צאַצקעדיק אָנשרײַבן. אָ, מיט רשי־כּתבֿ.
אָ, דעם קאָפּ פֿון אַרטיקל.
אָנציקען — טרוו ־קע אָן, ~געציקעט.
אַנ.
רופֿן עמעצן. צורופֿן. אָפּשטעלן עמעצן (מיט
קלאַנגען צ־צ) כּדי אים עפּעס צו זאָגן. אָ,
דעם חבֿר וואָס גייט פֿאָרויס. מיט ז י ך —
זיך מאַכן, זיך טרעפֿן. „... איז ניט אַזאַ
מענטש וואָס באַהאַלט אויס זײַן געלט, נאָר
ס'האָט זיך פּשוט ניט אָנגעציקעט [צו קויפֿן
אַ נײַע באַרשט]“, מ אַלבערטאָן, שאַכטעס,
מאָסקווע 1934.
אָנצירן — טרוו. ציר אָן, ~געצירט. באַצירן.

מאַכן שיין, אָנפּוצן, אויספּוצן. אָ, אויפֿן האַלדז אַ גאָלדענע קייט. „'ואעדך, (יחזקאל, טז, 11) פֿאַרטײַטשט אורח: „איך האָבֿ דיר אָנגעצירט„ [תּי: „דיך בּאַצירט“]. „קניפּ דיר זיי [= די אָנזאָגענישן] צו אויף דײַן האַרצן, ציר זיי דיר אָן אויף דײַן האַלדז„, מס, משלי תּקע„ד, ו, 21. „דײַנע ליבּע ישׂראל ציר אָן מיט פֿרייד, מיט דער מלוכה פֿון משיח טן דוד“, מחזור לשלש רגלים, סלאַוויטע 1832, לו/א. „זאָגט גאָט: ... די תּורה האָבֿ איך אָנגעצירט מיט מקרא, משנה, גמרא, הלכות, אגדות און האָבֿ אַלץ אַוועקגעגעבֿן צו משה„, תּנחומא, שמות, וואַרשע תּרמ“ו. „איך וועל דיר אָ, מיט אַ געלע לאַטע אויפֿן פֿלייצע„, א. י. סאַפֿיר אויס מינסק, חטאת הקהל... II, ווילנע 1881. מיט ז י ך. ־ונג. ־עניש.

אָנצירעווען — טרוו. ־רעווע אָן, ~ געצירעוועט. פּפֿ: ~צערעווען. צירעווען, צערעווען אַ סך. אָ, אַלע זאָכן.

אָנצירקלען — טרוו. ־קל אַן, ◌י. „געצירקלט. אָנצייכענען, אָנמאָלן אין פֿאָרעם פֿון אַ צירקל. אָ, אַ טאַבּעלע וואָס זאָל קלאָר ווײַזן אויף וואָס די קהילה גיט אויס דאָס געלט.

אָנצירקען — ־קע אָן, ~געצירקעט. אוטוו— אַרויסבּרענגען קלאַנגען וואָס דערמאָנען צרקצרק. פֿייגעלעך צירקען אָן. טרוו — אָנשפּריצן, אָנגיסן וואַסער. אויך: אָנמעלקן [ווײַל מיט אַן ענלעכן קלאַנג פֿאַלן די טראָפּנס מילך אין אַ בּלעכענעם עמער]. „מיט שווערקייט אָנגעצירקעט אַ קוואָרט מילך„.

אַנצליט — דער, ן. אַרכ. : Mhd־li:
ant'פּנים„ אבֿ, שמות דבֿרים. „און, דא ער דשׂ פּולבֿר הט בּירייט. דא הובּ ער אין אַן צו שמירן. זײַן הענד און, ענצלט ווײַט און, בּרייט. און, האַלז און, אורן און, שטירן„, בּבֿא־בּוך, 564.

אָנצלמען זיך — [... ציי'לעמען] אוטוו. צלם זיך אָן, זיך ~געצלמט. אַ סך מאָל, איבּערגענוג זיך צלמען.

אָנצע — די, ־ס פּרגל אונץ, 807. א„י (בּײַם

אַלטן ישובֿ). מאָס פֿון וואָג, בּערך 200 גראַם. אַן אָ, פֿלייש. 12 אָ'ס איז אַ ראָטל. אויך: אָנסע.

אָנצע — די, ־ס. דזוו אונץ, דער. ← 808.

אָנצעטלען — טרוו ־טל אָן, ~געצעטלט.

אָנקלעפּן צעטלען. אָ, די בענק מיט נומערן.
ראָש מלון מפֿתּח, זשיטאָמיר 1872.

אָנצעכעווען — טרוו ־כעווע אָן, ~
געצעכע.
וועט. < צעך. קאָנטראָלירן און באַשטעטיקן
(אַז ס'איז ריכטיק). אָ, די וואָג.

אָנצענעווען — טרוו ־נעווע אָן, □ ,,
געצענע.
וועט. אָנשרײַבן דעם פּרײַז, אָ, די סחורה
אין פֿענצטער. אָ, אַלע סחורות.

אָנצעפּיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן צעפּ.
,,האָט זיך די אַלטע פּלוצלינג באַליידיקט: גייט
צו אַלדי רוחות, איר אָ'ע [מיידלעדד, ש. ראָסין
איבז, באַרג אַרוף, מאָסקווע 1933.

אָנצעפּע(נע)ן זיך — ← אָנטשעפּען (זיך).
,,סטאַרעוועט זיך... אָנצוצעפּענען אויף זיך
די טײַערסטע קליידער, גאָלד, בריליאַנטן“, דיא
□ כירות, לעמבערג 1896.

אָנצערטלען — טרוו. ־טל אָן, ~געצערטלט.
צערטלען אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, די
קינדער און זיי לייגן שלאָפֿן. מיט ז י ך — קזוו.

אָנצערן — טרוו. צער אָן, □ .־,געצערט.
אויסגעבן געלט אויף שפּײַז, אויף נייטיקע

לעבּנסמיטלען. אָ, מער וויפֿל מע קען פֿאַרדינען. אָ,
די אָרעמע פֿאַרדינסטן ־ונג

אָנק — דער, ־ען. דזוו אונק, בּ2, ← 808.
אָנקאַדויטשען — טרוו ־טשע אָן, ~

געקאַ
דויטשעט. אָנטרייסלען, אָנשאָקלען. אָנבּרעכן
די בּיינער. אָ, די כּיינער. אָ, דאָס זעקל בּיינער
"האָט ער בּאַוויזן מיך כאַפּן און מיך גוט אָ'",
אי. קיפּנים איבּז, מאַרק טוועז. העקלבּערי פֿין,
קיִעוו 1929. אויך מיט ז י ך — זיך
אָנמאַטערן, זיך אָנפּלאָגן.
אָנקאָדערן — טרוו. ־ער אָן, ~געקאָדערט.
אָנרײַסן, אָנפֿליקן. אָ, וואָס מע טראָגט, מאַכן
פֿון אַלצדינג שמאַטעס.
אָנקאָוען — טרוו. ־ווע אָן, ~געקאָוועט.
1. אָנשמידן. קאָוען, אויסקאָוען אַ סו. אָ,
פֿערד. אָ, פּאָדקעוועס. 2. אָנהאַמערן,

אָנפֿעסאָנקאַטאַיען זיך

טיקן. אָנקלאַפּן עס זאָל זיך האַלטן. אָ, קראַטעס,

לאָדנס אויף אַלע פֿענצטער. „אָט וועל איך דיר גיין אָ, וואָס דיר פֿאַרגלוסט זיך‟. „האָט איינער פֿון די העבּרעאישע צאַפּעס...

אָנגענומען אַ זאַקאַז בײַ איינעם ג״ג, ער זאָל פֿון זײַנעטוועגן אָ, אַ ספֿר״, ייִל, פּריטשעפּע I, אַדעס 1876. מיט ז י ך — אָ, זיך מיט פֿעסטקייט, מיט מוט אע.

אָנקאַטאַיען זיך — אוטוו ־טאַיע זיך אָן, זיך

.

~(גע)קאַטאַיעט. אָנפֿאָרן זיך שפּאַצירן. אָ, זיך אויף אַ שליטל. ״ס'איז ניט אַ לעבּן — ס'איז כּסדר אַן אָ, זיך‟.

אָנקאַטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~

געקאַטעוועט. אָנשמײַסן (עמפּאַטיש). אָ, די הינטנס.

יג מאַכן עס זאָל ווערן רויט, עס זאָל פֿלאַמען. „די מענטש פֿלעגן דאָרטן קיין האָלץ ניט זשאַלעווען. מע לעגט אָ אַן אויוון מיט

,

האָלץ‟, אַר, 'קאַלט'.

אָנקאָ'טערן — טרוו ־ער אָן, י. „געקאָטערט.

.

(אומאיידל) אָנפּלאָדיען. אָ, אַ פֿולע שטוב פֿאַרמורזעטע קינדער. אָ, ממזרים.

אָנקאַטשייען — טרוו ־טשײַע אָן, ..,(גע)־
—
.
קאַטשײַעט. סל. 1. גוט אָנהוידען. אָנוויגן. אָ,
די קינדער אויף דער הוידלקע. 2. אָנפּאָמפּען.
אָ, וואַסער. אויך מיט ז י ך.
אָנקאַטשען — טרוו ־טשע אָן, ~געקאַטשעט.
.
1. אָנקײַקלען, אָנוואַרפֿן. אָ, פֿעסלעך. אָ, שטרוי
א ן היי איבער דער גאַנצער שטוב. 2.
אָנוואַלגערן. אָ, לאָקשן. 3. אָנפּאָמפּען,
אַרויסקאַטשען. אָ, עטלעכע עמערס וואַסער. 4. דזוו
אָנקאַטשקען. אויך מיט ז י ך — (זיך) אָ,
פֿון געלעכטער ־עניש.
.
אָנקאַטשקען — טרוו ־קע אָן, ~געקאַטשקעט.
אָנשרײַבן ניט־ריין, אומקלאָר. אָ, קאָטשערעס
מיט לאָפּעטעס.
אָנקאָך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנקאָכן. דער אָ, אויפֿן דנאָ פֿון קעסל.
"דער אָ, פֿלעגט אָפּשפּרינגען [פֿון דנאָ פֿון
מאַרטען־אויוונס],,, שטערן, מינסק 5 1938, No־6.
אָנקאָכן — טרוו. קאָך אָן, ~געקאָכט. 1. קאָכן
אַ סך. אָ אַזוי פֿיל, עס זאָל קלעקן פֿאַר אַ
,

ראָטע סאָלדאַטן. אָ, און אָנבאַקן, ווײַל עס
קומען אַ סך געסט. „די לײַט וואָס זאָגן: מיר
וועלן פּיל אָ, אָדער אָנבאַקן, כּדי עס זאָל
איבערבלײַבן אויפֿן אַנדעון טאָג יום־טובֿ — איז עס
ניט רעכט“, לט2, עג/ב. „גאַנצע כּוסות
לאַקעריצע וואָס די מאַמע האָט אָנגעקאָכט אין
יענעם גרויסן פּסחדיקן טאָפּ“, ממוס, ווינטשפּ
2. קאָכן אַ לענגערע צײַט. גוט דורכקאָכן. אָ,
קרײַטער מיט עטלעכע קוואָרט וואַסער. „נעם
אָקסן־צונג־בלעטלעך... טו אַרײַן אין אַ
קוואַטירל ווײַן, קאָך דאָס אָן בײַ דעם פֿײַער...“,
ספֿר רפֿואות, אָרט? יאָר? “אָ, גערשטענע גרויפּן
אויף ווייך...„, דער מלאך רפֿאל, פּשעמישל
תּרע“ד. 3. אַנשטאָט אָפּקאָכן. נר. “זאָל מען
אים דערווײַל אָ, עסן און דאָס פֿאַרסמען“, פּמ
[ש לעהמאַן, 'גנבֿים און גנבֿה„ בײַ אונז יודען,

1634

וואַרשע 1923]. 4. אָנדרייען. אָנפּלאָנטערן.
אָ, אַ גאַנצן סקאַנדאַל. *אָ, אַ קאַשע.
מיט ז י ך — „מיט וואָס דער טאָפּ האָט
זיך אָנגעקאָכט — מיט דעם שטינקט ער„, שוו.
„אַפֿילו די געניטע שטאָלקאָכערס האָט זיך

געדאַכט אַז די גאַנצע פּאָדינע קאָכט זיך אָן
פֿולקום גלײַכמעסיק,,,, שטערן, מינסק 1938,
No 5־6. אויך: זיך צעהיצן. אָ, זיך אויף אַ
פֿאַרזאַמלונג.
־עניש. ־ער — אויך כלי וואו מע קאָכט
אָן בײַ פֿאַרשיידענע אַרבעט־פּראָצעסן
פֿאַרבן.
אָ, אין אַ וועשערײַ. שטאָל־אָ, אין אַן אײַ□
ןגיסערײַ. ־ערײַ.
אָנקאַלאַבוטש□ □ע□ :ן(ק)ען, ~
קאַטשע— דזוו אָנקאַטשקען.
אויך: ~קאַלע ט
בוטש(ק)ען, ~קאַצעבוטש(ק)ען.
אָנקאַלאָברען — דזוו אָנלאַבערן ←. לאַקל
(בראָד).
אָנקאָלאָגיע — די. בא. < איי < גר. (מעד)
אָפּצווײַג פֿון מעדיצין וואָס שטודירט
געשווילעכצן. ,,אָ, — אַ נײַער געביט אין דער
מעדיצינישער וועלט: די וויסנשאַפֿט וואָס גיט זיך
אָפּ מיט פֿאָרשן און היילן טומאָרס, דערעיקר
די 'בייזוויליקע, טומאָרס ווי קענסער", דר, ע
פֿאַט, טמז, 3□19 □י 12.
אָנקאָלאָטשען

לאָט(ש)ען. אויך:

— טרוו. ־טשע אָן, ~

געקאָלאָטשעט. פּפּ: ~קאַ

~קאַלויצען. סל 1. אָנקלאַפּן. אָנשלאָגן.

אָ, מיט אַ שטעקן. 2. אויסמישן, צונויפֿמישן.

אָנקאַלופּען — טרוו ־פּע אָן, □...,געקאַלופּעט.

.

לד. אָנקלײַבן קאַלופּענדיק, דריבלענדיק. אָ,

קאַלך פֿון די ווענט. אָ, מיט די פֿינגערלעך

אייער־שאָלעכץ□ □←. אויסקאַלופּע(נע)ן, 333).

מיט ז י ך — „הער אויף צו קאָלופּען די נאָז!

וועסט זיך אָ, אַ וואונד“.

אָנקאַל אַקען — טרוו. ־קע אָן, ~

געקאַליאַי

קעט. סל אָנפּלאַפּלען. אָנפּלוידערן. אָ,

רכילותלעך. מיט ז י ך — זיך דורכשמועסן

גוט, אַ לענגערע צײַט. אָ, זיך ווי אַלטע באַבעס.

אָנקאַלייען

— אוטוו ־ליי□ □ן. לד.

דורכ. , ~געקאַלייעט.

פּפּ. □י.,קאָלייען, ~קאַ י

□

פֿריון. דורכגענומען ווערן פֿון פֿראָסט.

געוויינלעך מיט ז י ך — „נו, אַ טאָג אַ ביסל...
אָנגעקאַלייעט זיך — און פֿרעג וואָס“, אַר, 'צו
שפּעט'.

אָנקאַל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָן, ..',

געקאַ

ל(י)עט. סל. אָנהאַקן. אָנשפּאַלטן. אָ,
קינעלעך. אָ, שײַטלעך האָלץ.

אָ'נקאָליי'ריק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
קאָליר. אָ, וואַסער. אַן אָ'ער סטיל. ־יקייט.
פּפּ: ~קאָלירנדיק.

~קאָלירן — נר. מאָדנע אָ'ענע געמעלן.

אָ'נקאָלירן — טרוו. ־ליר אָן, ~(גע)קאָלירט.
אָנפֿאַרבן. אָנמאָלן מיט קאָלירן. אָ, מיט
פֿאַרבלעך די צייכענונגען אין קינדערביכער. אָ,
יעדע וואַנט מיט אַן אַנדער קאָליר. ־ונג.
עכן. ־עניש.

אַנקאָנאַ

אָנקאַלכן — טרוו. קאַלך אָן, ~געקאַלכט.
1. אַרויפֿטאָן קאַלך. אָנשמירן מיט קאַלך פֿאַר
.
פּסח אָ, די ווענט פֿון דער כאַטע. 2. (
אָקטיאָריש) רעדן מע זאָל ניט פֿאַרשטיין.

אָנקאָלנערדיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ קאָלנער, וואָס האָט ניט קיין קאָלנער. אָ'ער סוועדער. אָ'ע מאַרינאַרקע. 2. וואָס טוט שוואַרצע אָרבעט און טראָגט געוויינלעך ניט קיין העמד מיט אַ קאָלנער. „די ווײַס־

קאָלנערדיקע און אָ'ע אַרמיי לוינאַרבעטער„, ז. ווענ דראָף אַפּֿנ שוועל פֿונ לעבנ, מאָסקווע 1941.

אָנקאַלענד(ר)עווען — טרוו ־(ר)עווע אָן,

·

~געקאַלענד(ר)עוועט. אָנקלײַבן, אָנבעטלען בײַם קאַלענד(ר)עווען אײַ דער נאַכט פֿון ניטל. אָ אַ האַלבן זאַק פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿליעס.

,

אָנקאַלעקאָטשען

לאַקאָטשען.

אָנ— טרוו. ־טשע אָן, י.,

געקאַלעקאָטשעט. פּפֿ: י.,קאַ פלאַפּלען. אָנטומלען. ריידן הויך. האַקן אַ טשײַניק. אָ אַזוי פֿיל אַז די אויערן וויאַנען.

,

אָ, נאַרישקייטן. אָ, רכילותן.

אָנקאָלעקטן — טרוו. איצ, אימפּ נב; ,

געקאָלעקטעט. אַמ. אָנקלײַבן. אָנבעטלען. אָ, די

פֿלעדזשעס [= צוזאָגן] וואָס מע האָט געמאַכט
אויף באַנקעט. „דאָס האָט ער אָנגעקאָלעקטעט
דורכן טאָג„, שע, מאַטל II.
אָנקאָלערן — טרוו. ־ער אָן, ~געקאָלערט. פּפֿ.
~קוילערן. [אין לד ניט פֿאַראַן.]
אָנקײַקלען. אָ, פֿעסלעך. אויך מיט ז י ך.
אָנקאָ'ל־קאָנטע — די, ־ס. אויך: אָ'־
השבון. on call :< . (בוכהירונג) אויף
אויפֿפֿאָדערונג. אָפֿענע באַנק־קאָנטע. גאַראַנטירט
מיט סחורה אָדער ווערטפּאַפּירן, אָן אַ
צאָלונגטערמין; ביידע צדדים קענען ליקווידירן די
קאָנטע צו יעדער צײַט. "פֿאַר אָן אָ,־חשבון
ווערט אין דעם געזעץ באַטראַכט נאָר אַזאַ
חשבון, אויף וועלכן דער קליִענט האָט
באַקומען אַן אָפֿענעם קרעדיט, וועלבער איז אָבער
אומבאַדינגט פֿאַרזיכערט מיט ווערטפּאַפּירן,
סחורה אָדער אַ היפּאָטעק„, א. שמויש,
האַנטבוך פֿאַר קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, וואַרשע־ווילנע
.1925
אָנקאָמאַנדעווען — אוטוו ־דעווע אָן,
~געקאָמאַנדעוועט. פּפֿ: ~קאַמאַנדעווען.
1. אַרויסגעבן באַפֿעלן מעשׂה קאָמאָנדיר. אָ,
איבער חבֿרה. 2. שטיין הילכיק, שרײַאיק.

"וואָס חבֿרה האָבן דאָ אָנגעקאָמאַנדעוועט!",.
מיט ז י ך — אָנשטיפֿן זיך.
אָנקאָמבינירן — טרוו ־ניר אָן, ~(גע)
קאָמ.
בינירט. 1. מאַכן אַ סך קאָמבינאַציעס. אָ,
כלערליי המצאָות. 2. דערגרייכן עפּעס דורך
קאָמבינירן. אָ, □אַר זיך אַ גוטע פּאָזיציע.
־דנג.
אָנקאַמען — ← אָנקעמען.
אַנקאָנאַ — גנ. וויכטיקע האַוון־שטאָט אין
צפֿון־מזרח איטאַליע און הויפּטשטאָט פֿון דער
פּראָווינץ מיטן זעלביקן נאָמען. ידיעות וועגן
אַ ייִדישער קהילה אין אַ, שטאַמע□ פֿון 13.
י"ה "דער פּויפּס פּיוס דער פֿיפֿטער האָט

מאָאָנקאַנף.קען

טיווירט דעם גירוש פֿון ייִדן אויס אַלע שטעט
פֿונעם קירכנשטאַט אַחוץ רוים און אַ',,, מתּתיהו
□
מיזיש, ייִבל 1 ,XIII־2.
אָנקאַנויקען — אוטוו ־קע אָן, ~
געקאַנוי.

קעט. אָנווײַנען ווי אַ קאַץ, ווי אַ הונט. אָ,
ווי אַ קאָטער אויפֿן דאַך. אויך מיט ז י ך —
דאָס קינד האָט שוין גענוג זיך
אָנגעקאַנויקעט,,..
אָ'נקאָנטראָליק — אַדי. נעאַל, סטוטש.
וואָס איז אָן אַ קאָנטראָל. אומקאָנטראָלירט. אַ
פֿולשטענדיק אָ'ע פּרעסע. ~קאָנטראָליש,
ראָכקינד־שקליאַר ווב ־יקייט, ־
ישקייט.
אָנקאַנטשיקן — טרוו ־טשיק אָן, ~
געקאַנ.
טשיקט. אָנשמײַסן, אָנבײַטשן מיט אַ
קאַנטשיק. אָ, די ייִנגלעך וואָס ווילדעווען.
אָנקאַניוטשען — ← אָנקאַנויקען.
אנקאַניפֿאָליען — טרוו ־ליע אָן, ~
געקאַ .
ניפֿאָליעט. אָנשמירן מיט קאָניפֿאָליע. אָ,
דעם סמיטשיק. סמב.
אָנקאָנפֿיסקירן — טרוו. ־קיר אָן, ~(גע)־
קאָנפֿיסקירט. קאָנפֿיסקירן אַ סך. אָ, גאַנצע
וועגענער קאָנטראַבאַנד. ־ונג.
אָן קאָסט — פּרעפּ פֿראַזע. אומזיסט. אָן
שום צאָלן. קריגן עפּעס אָן ק'. ,,אַז עס איז
אָן ק, איז עס אָן ווערט,,, שוו. ,,מענטשן וועלן

איבער דיר [דעם פֿאַרפֿרוירענעם טײַך] אָן ק,

 פֿאָרן און גייץ"‏, שלמה פּראָג, איינע נײַע

געשיכטע פֿון פֿראָסט, וואַרשע תּר,,ל.

...

אָנקאָסען — טרוו. ־סע אָן, ..,געקאָסעט. פּפֿ

~קאָשען. אָנשנײַדן מיט אַ קאָסע. אָ, גראָז.

אויך אָ, היי [!]. ,,דײַן מלמדס בחור האָט

עפּעס אַ סו הײַנט אָנגעקאָסעט?,,, ספּ, ייִדישער

קאָלאָניסט. ,,שאַרט צוזאַמען דאָס היי וואָס איר

מאַן האָט אָנגעקאָסעט,,, יע)ראָל אורינשטיין,

אַוואויל יונגיל חלעבין, לעמבערג 1882. פּיג.

די מלחמה האָט געגוג יונגע לעבנס אָנגעקאָסעט.

אָנקאַספּערן — טרוו. ־ער אָן, ,געקאַספּערט.

פּפֿ: ~קאַשפּערן. אָנשווינדלען.

אַרויסקריגן אָ סך דורך שווינדל. אָ, אַ מטמון גאָלד.

אָן קאָפּ — פּרעפּ פֿראַזע. אַזוי ווי אָן אַ קאָפּ.

צעטומלט. ניט קענענדיק זיך געבן אַן עצה.

אַרומגיין אָן קאָפּ (אויך: אָ'ן אַ קאָפּ) פֿאַר

עגמת־נפֿש.

אָנקאָפּאַיען — טרוו. ־פּאַיע אָן, ~(גע)

קאַפּאַיעט. סל. אָנקאָפּען. אָנגראָבן. אָ, בולבעס,

רעטעכלעך אע. אָ, פֿון אונטער דער ערד.

אָנקאָפּטשען — ־טשע אָן, י.,געקאָפּטשעט.

אוטוו — זיך באַדעקן מיט סאַזשע. דאָס לעמפּל
האָט אָנגעקאָפּטשעט. טרוו — באַדעקן מיט
סאַזשע. אָ, די ווענט. *אָ, דעם קאָפּ —
פֿאַרטומ־ —
לען. ־עניש.
אָנקאָפּ(י)ען — טרוו. ־פּ(י)ע אָן, ~
געקאָפּ(י)עט. פּפּ: ~טאָפּיען. בעס. רומ.
אָנטריפֿן. אָ, חלבֿ אויפֿן טישטעך.
אָנקאַפּען — טרוו. ־פּע אָן, ~געקאַפּעט.
1. אָנטריפֿן. אָ, וואַסער, טריוואַקס אע. אָ,

1635

חלבֿ אויפֿן טישטעך. *לאָזן זיך אָ, אויפֿן קאָפּ=
לאָזן מע זאָל באַליידיקן, באַעוולען. 2. אוטוו.
(וואוילונגעריש) אָנמסרן, פֿאַרמסרן. „איך וועל
אָ, אויף דיר„, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען
מיר, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932.
אָנקאָפּען — טרוו ־פּע אָן, ~געקאָפּעט.

1. אָנגראָכן. אָ, קאַרטאָפֿליעס. 2. סל. נר.
אָנקלײַבן. אָנשפּאָרן. אָ, אַ פֿאַרמעגן. 3. אוטוו.
אָנבריקען. אָ, אין הינטערחלק אַרײַן און
אָראָפּוואַרפֿן פֿון אַלע טרעפּ.

אָנקאַקן — טרוו. קאַק אָן, ~געקאַקט. וואול
1. אָנשמוציקן מיט צואה. אָ, אַ פֿולע שטוב.
,,אַז די באַלעבאָסטע מאַכט דעם האָן —...
קינדער, קאַקט איר אָן,,, קל. 2. אָפּנאַרן.
באַשווינדלען. אָ, דעם יאָלד, דעם שאַלאַמויז.
3. אָפּטאָן עפּעס ביז גאָר שלעכט. אָ, אַ
פּאָר טשאָבעטעס. 4. זיך ניט רעכענען מיט
עמעצנס רייד. "קאַק אים אָן, מאַלע וואָס ער
סטראַשעט,,.

אָנקאָקסן — טרוו. קאָקס אָן, ,געקאָקסט.
אָנדרייען די האָר מיט אַ קאָקס, אַרויפֿלייגן
פֿרעמדע האָר אויפֿן קאָפּ. אָ, האָר. אָ, דעם
קאָפּ.

אַנקאָ'ר — זוו. < איי < פֿר. 'נאָכאַמאָל'.
אַרויסרוף דורך אַפּלאָדיסמענטן אויף אַ
קאָנצערט, ביי אַן אָפּערע אָדער אין טעאַטער, מיט
דער בקשה איבערצוחזרן נאָכאַמאָל דעם נומער
מוזיק, געזאַנג אָדער סצענע. דזוו ביס.
אַרויסרופֿן די זינגערין אויף אַ, אָן אַ שיעור מאָל.
מאַכן אַן אַ'.

אַנקאָראַ'זש — דער, ־ן. פּלאַץ פֿאַר
אַנקערס. גרופּע פֿאַראַנקערטע שיפֿן.

אָנקאַרבן — טרוו. קאַרב אָן, י.,געקאָרבט.
מאַכן אַ קאַרב, אָן איינשניט. אָ, העלצלעך,

שטעקעלעך. „סע איז נאָר אויסגעקומען
אָנצוקאַרבן די פֿילאָנקעס, כּדי די איבערגעבונדענע
פֿעדעם זאָלן ניט אַראָפּקריכן... אין אַ זײַט„,
י. יאַכינסאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו 1925.
אָנקאַרגן — טרוו. קאַרג אָן, ~געקאַרגט.
אָנזאַמלען, אָנקלײַבן דורך זײַן קאַרג פֿון עסן
„ .
טאָר מען ניט אָ"". אָ אַ פֿאַרמעגן.
,

אָנקאָרדאָנעווען — טרוו. ־נעווע אָן, ~גע
קאָרדאָנעוועט. סל. אָנציִען, אַרויפֿציִען (אַזוי
ווי) מיט אַ שטריק. קאָרדאָנעווען אַ סך. אָ, משׂא
אויף אַ לאַסטוואָגן. "מיר אַרבעטן אַלעמאָל...
אפֿשר ווייניק נאָך אָנגעקאָרדאָנעוועט?"",
ליפּמאַןלעווין, טעג פֿאַרגאַנגענע, מאָסקווע 1941.
אָנקאָרמע(נע)ן — טרוו. ־מע אָן, ~
געקאָרמעט. אָנפֿיטערן צו זאַט (זעט). געבן גוט
אָנצועסן זיך. אָ, די קינדערלעך. אָ, די פֿערד. „גיי,
קאָרמע אָן דעם שוואַרציאָר"". ניט קענען אָ,
אַזוי ווי א פּוסטן זאַק פֿיג. אָ, דעם עולם מיט
— — .
שונד. „... אויפֿצורײַסן זיך די ברוסט און אָ,
דאָס יונגוואַרג מיטן אייגענעם וואַרעמען בלוט„,

פּרץ, ליטעראַטור און לעבן „דער גורל איז
עפּעס אַ חיה רעה וואָס מע מוז כּסדר אָ,,,, חג,
צמח אַטלאַס II. „פּוסטע בּחורים און בּתולות
וועלכע האָבן נאָך קיין אינדיק אויף פּסח ניט

אָנקוואַלן

אָנגעקאָרמעט,,, נתנאל, דער פּוטטערנער א יוון,
פּיעטריקאָוו תּרס״ד. „די מענטשן האָבן זיו
געאײַלט [דעם האַרמאָט] אָנצוקאָרמענען מיט
אַ נײַער פּאָרציע כּליי,,,, נ. אָסטראָווסקי, ווי
שטאָל האָט זיך פֿאַרהאַרטעוועט, מינסק 1937.
אויך: ~קאָרמעווען — דער בּרודער האָט
ניט וואָס צו עסן — דאַרפֿן מיר אים אָ,״, יעקבֿ
סאָטמאַן, ע רי אָנכי, בּאַרדיטשעוו 1901.
אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָנקאָרפּען — טרוו ־פּע אָן, ~געקאָרפּעט.

אוקר. אָנפּאַקן, אָנפּיקעווען (מיט עפּעס וואָס
איז קליין). אָ, אַ זעקל מיט זערנעס. אָ, אַ בּריוול
מיט מאָנטשינקע אותיעלעד. „זיי קלערן צו
נײַע ווערטער און קאָרפּען זיי אָן אויפֿן
פּאַפּיר״, אי. קיפּניס איבּז, ק. גאָרבּונאָוו, דאָס

אײַז גייט, קיִעוו 1930.

אָנקאָרקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ~ געקאָרקעוועט. אָנשטאָפּן, סאַרשטאָפּן מיט

קאָרקעס. אָ, די פֿלעשער.

אָנקאַרקען — ־קע אָן, י.,געקאַרקעט. פּפֿ: י,,קראַקען. אוטוו — אַרויסברענגען קלאַנגען וו אַ ראָב. טרוו — אָנזאָן אָדער פֿאָי רויסזאָגן עפּעס שלעכטס. אָ, פֿינצטערע , נבֿואות'. ,,מיינסט טאַקע אויף אַן אמת אָ'?,,, אי קינים איבז, דאָס אײַז גייט, קיִעוו 1930.

אָנקאָשען — ← אָנקאָסען.

אָנקאַשפּערן — ← אָנקאַספּערן.

אָנקאָשקען — טרוו. ־קע אָן, ~געקאָשקעט. (אומאיידל) אָנצערטלען, אָנגלעטן. געוויינלעך מיט ז י ך — קזוו. זיך אָ', זיך אָנליובען.

אָנקהלן זיך — [... קאָ'האָלח אוטוו. קהל זיך אָן, זיך ..,געקהלט. איבערגענוג זיך קהלן. ,,נו, גענוג זיך אָנגעקהלט אין די לעצטע ווײַסיק יאָר. שוין צײַט אָפּצוטרעטן דעם אָרט פֿאַר ייִנגערע“.

אָנקוואַטשען — טרוו ־טשע אָן, ~
געקוואַ
טשעט. 1. אָנשמירן, פֿאַרשמירן. אָ, די ווענט
מיט אויפֿשריפֿטן. 2. אָנפּלאַפּלען. אָנשרײַבן
שלעכט, נאַריש. אָ, אַ לידל, עפּעס אַ
דערציילונג. „צו פֿיל איז שוין אָנגעקוואַטשעט
געוואָרן וועגן אַ 'דערנענטערונג, צווישן די צוויי
גלויבנס„, חיים לבערמאַן, פֿאָר, 1963 17.
3. אוטוו. אָנטאָפּטשען. אָ, מיט די פֿיסלעך אין
בלאָטע. ־עניש.
אָנקוואַטשקען — טרוו ־קע אָן, ~
געקוואַטש.
קעט. אָנפֿאַטשקען, אָנשמירן. מאַכן נאַס,
ברודיק. אָ, דעם אויסגעוואַשענעם דיל. ־עניש.
אָנקוואַל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנקוואַלן. אָ, פֿון פֿרישער ענערגיע.
אָנקוואַלן
— ק
לן, אוטוו. אַרויסקומען (ווי)
וואַל אָן, ~געקוואַלט. אוטוו —
פֿרגל: ~קווע
ון אַ קוואַל. וואַסער קוואַלט אָן אין ברונעם.
"דעמאָלט פֿלעגט אין אים אָ, דאָס בלינדע

ליבט,,, נאַד. ,,זייערע אויסטײַטשונגען...
קוואַלן אין זיי אָן טאַקע אין דעם... פֿרעמדן
לשון,,, זשיט I, נ,,י 1912. טרוו —
אַרויסבֿרענגען (ווי) מיטן כּוח פֿון אַ קוואַל. ״דער

אָנקוואָלן

טיפֿער בֿרונעם קוואַלט כּסדר אָן פֿריש
וואַסער,.. ־דנג.
אָנקוואָלן — ← אָנקוועלן I. ,,עס פֿלעגט אָ,
אַ בֿלוט־טראָגנדיקע האָריקע שישקע [אויפֿן
שטערן פֿון אַ הירשעלע],,, וול. לידין, איבֿז,
שטילער אָדער גרויסער, מינסק 1936.
אָנקוואָקטשען — אוטוו ־טשע אָן, ~
געָ.
קוואָקטשעט. 1. קוואָקטשען אַ סו. אָ, ווי
אַ הון פֿאַרן לייגן אַן איי. אויך מיט ז י ך.
2. אַ לענגערע צײַט קלאָגן זיך, שטיל און
וויינענדיק. ,,דאָס קינדעלע קוואָקטשעט אָן, ווײַל
עס רײַסט זיך אים אַ ציינדעלע״. ־עניש.
אָנקוואַקען — ־קע אָן, ~געקוואַקעט. אוטוו
— קוואַקען אַ סך. ״די פֿרעש קוואַקען גענוג
אָן אין די זומערדיקע אָוונטן״. טרוו —
אָנדערציילן, אָנפּלאַפּלען (וואָס איז ענלעך צו

קוואַקעניש פֿון פֿרעש). „איז מען זיך צונוי .. געלאָפֿן, האָט זי אָנגעקוואַקעט [די נײַסן]... און איז אַוועקגעלאָפֿן„, אי. קיפּניס איבּז, א. האָלאָווקא, פּראָלאָג, קיִעוו 1935. ־עניש.
אָנקוואָקען — דזוו אָנקוואָקטשען.
אָנקוויטשען — ־טשע אָן, ~געקוויטשעט.
אוטוו — 1. קוויטשען אַ סך. אָנטומלען, אָ, און אַוועקגיין. 2. אָנשרײַען מיט אַ קוויטשיק קול. אָ, אויף די קינדער, אויף די חבֿרטעס. טרוו — אָנזאָגן, באַפֿעלן עפּעס מיט אַ קוויטש. אָ, דעם פֿאַרזאָג ניט אַרויסצוגיין. מיט ז י ך — א, זיך און אויפֿהערן ־עניש.

.

אָנקוויקן זיך — אוטוו. קוויק זיך אָן, זיך ,.י געקוויקט. האָבן אַ סך הנאָה. אָ, זיך מיט די חבמהלעך פֿון די אייניקלעך. אָ, זיך מיס אַ גוטער בשׂורה. אָ, זיך מיט אַ קאַלטן טרונק. ־עניש.
אָנקוועטש — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקוועטשן. אַ שטאַרקער אָ'.
אָנקוועטשן — אוטוו & טרוו. קוועטש אָן, ~געקוועטשט. אָנדריקן. אָ, אויפֿן קנעפּל (דאָס קנעפּל) פּ ן גלעקל. אָ, אַ מאַזאָל(יע), אָ,

זאַפּט פֿון עטלעכע מאַראַנצן. אָ, מיטן פֿוס
(אויף) דעם גראָבאַזן. אָ, מיטן פֿוס אויפֿן
פּעדאַל. אָ, נאָך זאַכן אין טשעמאָדאַן. אָ, וואו
מע דאַרף, אויפֿן ריבטיקן אָרט —
אינטערוועניִרן. אָ, דעם הינטן, זיצן כסדר איבער ביכער.
„מע מוז זיך היטן די בריסטן זאָלן נישט
אָנגעקוועטשט ווערן„, איבז, מרפא לעם,
זשיטאָמיר 1874. „דעם וואָרט 'טאָכטער, פֿלעגט ער
שטאַרק אָ', מע זאָל דערפֿילן און גלייבן אַז
ס'איז זײַן טאָכטער„, מאָטיע דעכטיאַר, בויער,
מינסק 1936. „קאָלטשאַקס סאָלדאַטן קוועטשן
אָן אויף די דערפֿער, אויף די פּויערים“, שטערן,
מינסק 3 No ,l938. מיט ז י ך — אָ, זיו
מערידן. ־ונג. ־עניש.
אָנקוועל — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנקוועלן I & II. “'נאַכט־פֿוס אַפּעל, —
-

האָט אַ הויכער גאַסט אָנגערופֿן מיט אָ, אָט די
קאָנטראָלן [דאָס שלאָ□ן מיט שאַרפֿע ברעטלעך
איבער די פּיאַטעס פֿון די קאַצעטלערס]“,
י□ראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג. „פֿילט

מען דעם פֿרישן כּוח וואָס שלאָגט פֿון חסידישן
אָ',,, ש. קאַנץ, לנ, II 1971 י 30.
אָנקוועליק — אַדי. נעאָל. וואָס קוועלט אָן.
וואָס האָט די פֿעאיקייט אָנצוקוועלן. בײַ יtראל
קאַפּלאַן, געשלײַדער.
אָנקוועלן 1 — קוועל אָן, ~געקוואָלן. אוטוו
— 1. אָנקוואַלן. אַרויסקומען (ווי) פֿון אַ קוואַל.
וואַסער קוועלט אָן אין בּרונעם. נאַפֿט קוועלט
אָן בײַם דרילן. 2. זיך אָנפֿילן. פֿול ווערן,
אָנגעזאַפּט ווערן. דאָס האַרץ קוועלט אָן מיט
גלויבּן, מוט אאַזוו. ,,אַז עס קוועלט אָן די
בּריסט, ווערן די וואָרצלען האַרט‘‘, מלכּה
בּערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836. ,,זײַן
האַרץ עפּנט זיך, צעשפּרייט זיך, עס ווערט
אָנגעקוואָלן פֿון זיפֿצן און קרעכצן,,, יר I.
‘‘עפל... קוועלן אָן מיט האָניק־ריח או רײַפֿן
זומער‘‘, א. שומיאַטשער, לידער. 3. (אַזוי
ווי) אָנגעשוואָלן ווערן. אָנגעפֿוישט ווערן. די
יאַגדעס קוועלן אָן אין לאַש. ,,דער טײַסטער
ווערט מאָגער, אָבּער דער בּויך קוועלט אָן,,. אָ,
ווי אַ בּולקע אין מילך. אויך אין אַ קללה:
זאָלסט (מעגסט) אָ, ווי אַ בּולקע. די אָדערן

פֿון די פֿיס קוועלן אָן. ״די אייעלעך גייען אַרויס פֿון קערפּער פֿון דער זי דורך די אייערגענג — לאַנגע געדרייטע טרײַבלעך... וואָס ווערן אָנגעקוואָלן אין וואַסער„, יאַכ I.

4. פּאַר אויך: ~געקוועלט. האָבן הנאָה, פֿאַרגעניגן. שפּיגלען זיך אין עמעצן. ווערן ברייטער ווי לענגער. אָ, פֿאַר גרויס פֿרייד. אָ', שמעל◌ן זיך פֿאַר שׂמחה. אָ, פֿון קונצן. מע קוועלט אָן פֿון דער גוטער בשׂורה, עס קומט פֿשוט צו אַ שטיק געזונט. לעקן די פֿינגער, אָ, פֿון אַ דרשה פֿון אַ שטיקעלע חזנות. אָ, פֿון

גאָטס שיין וועלטל. „בײַ מײַנע עלטערן בין איך אַ מיזינקע געווען, זיי פֿלעגן פֿון מיר אָ'„ פּל. „זאָל ער פֿון אַ זשיד נאָר לאַכן —

וועלן אַלע שוין אָ'„, אבג, 'דער יוד אין ק◌עב, [הש I]. „זײַן לעבן איז געווען זומער צו זיצן אָ'דיק פֿון איטלעכס ביימעלע פֿון

איטלעכס גרעזעלע באַזונדער״, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה'. ״מײַן רבי האָט געשלונגען די ווערטער, אָנגעקוועלט, געוואָרן ברייטער ווי לענגער„, שע, 'בלומען'. „ייִדן וואָס קאָנען אָ, פֿון

אַזאַ משפּט [דערהרגענען אָ מענט[illegible]ן פֿאַרן גנבֿענען אַ זייגערל], פֿון אַזאַ רציחה, האָבן גזלנישע הערצער,,, חג, דער מאַמעס שבּתים.

טרוו — מאַכן עס זאָל אָנקוועלן, אַרויסקוועלן. „גראָב דעם בּרונעם טיפֿער, וועט ער שוין אָ, וואַסער“.

מיט ז י ך — „צו מאַכן אַ נוץ פֿון דער ל[illegible]. טעראַטור־וויזיע וואָס האָט זיך אָנגעקוואָלן אַרום פּרצן“, בּ. ריוּוקין, גרונט־טענדענצן.... ־ונג. ־עניש.

אָנקוועלן 11 — [פּד, אוקר — עי] טרוו. קוועל אָן, ~געקוועלט. אָנמאַטערן. פֿאַרשאַפֿן לײַדן. אָ, עמעצן מיט פֿאָרויסזאָגן צרות. געוויינלעך מיט ז י ך — אָ, זיך אין דער פֿרעמד. גענוג שוין אָנצוקוועלן זיך פֿון דער בּייזער שוויגער. ־עניש.

[illegible] אָנקומעז

אָנקוועקזילבּערן — סרוו ־ער אָן, ~ גע[illegible]

קוועקזילבּערט. דרייזין ווב. אָנפֿילן מיט קוועקזילבּער. אָ, אַ סרײַבּל.

אָנקוטשמען — טרוו ־טשמע אָן, ~

געקוטש.

מעט. נעאָל. אָנטאָן (אַזוי ווי) אַ קוטשמע. ,,אַ שוואַרצער ראָק... קוטשמעט אָן דעם וואַלד,,, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע, אַדעס 1932.

אָנקויטיקן — טרוו ־טיק אָן, ~געקויטיקט.

.

אָנבּרודיקן. אָנשמוצן. אָ, די שטוב.

אָנקוילען — טרוו ־לע אָן, ~געקוילעט.

אָנשעכטן. קוילען אַ סך. אָ, גענדז און אינדיקעס. ,,[חכמה] האָט אָנגעקוילעט גענוג אויף אַ שׂמחה", מס, משלי תקע"ד, ט, ־עניש.

.

אָנקוילערן — ← אָנקאָלערן.

אָנקויפּ(ע)ן — טרוו. קויפּ(ע) אָן, ...,, געקויפּ(ע)ט. אָנלייגן מיט אַ קויפּ. אָנלייגן אין אַ קופּע. אָ, עפּל. אָ, תּבוּאה.

אָנקויף — דער, ־ן. אָקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקויפֿן. אַ גרויסער אָ'.

-

אָנקויסן — טרוו. קויף אָן, ~געקויפֿט.
1. קויפֿן אַ סך, פֿאַרשיידנס. אָ, אויף פּסח. אָ, כּלערליי אַנטיקן. „איך וועל אָבער דאַרפֿן אָ, אַ סך זאַכן און גאָרניט קיין קליינע„. יק. „כ'האָב אָנגעקויפֿט קנעכט און דינסטן“, מס, קהלת תקע״ט, ב, 7. 2. דזוו איינקויפֿן.
„וויפֿל איז דיר געבליבן היינט פֿונעם אָ'?„ [איין דינסט פֿרעגט ביי אַ צווייטער וויפֿל זי האָט געקענט איבערלאָזן ביי זיך פֿונעם געלט וואָס מע האָט איר געגעבן איינצוקויפֿן פֿאַר דער בעל־הביתטע]. מיט ז י ך — גענוג, מער ווי מע דאַרף. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־עריי.
אָנקויקלען — טרוו ־קל אָן, ~געקויקלט. פּפֿ: .
~קייקלען. ברענגען קויקלענדיק.
אָנקלייבן דורך קויקלען. אָ, אַלע פֿעסלעך אין איין טייל הויף. אָ, קלעצער. אויך מיט ז י ך — זיך אָ, אין זאַמד, אין היי. ־עניש.
אָנקום — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנקומען. אָ, פֿון פֿרילינג. אָ, פֿון אַ נייער ווענדונג, תּקופֿה אע אין לעבן פֿון פֿאָלק. אָ, פֿון באַנען, שיפֿן. „אין אָ, פֿון נייעם גענאָד„, הל, 1924. „מיין שטילע היים — אין אָ, פֿון פֿאַרנאַכט, און

הימל טריפֿט אויף איר מיט לעצטער
צאַרטקייט,,, אַקש, ברויז, מינסק 1928. ,,.... וואַר
הערן די אַן קומסטט פֿון אַלכּסנדרוס,,, יוסיפֿון,
אַמשט 1743, כח. אָ'־פלאַץ. אָ,־בנין. אָ'־
געבײַדע.
אָנקומען — אוטוו. קום אָן, ב י ן ~געקומען
[וועגן האָב ← אויסקומען, 338]. 1.
צוקומען, דערגרייכן צו אַ געוויסן פּונקט, צו אַ
באַשטימטן אָרט. אָ, א י ן , ק י י ן... בשלום.
אָ, אַהיים נאָך לאַנגע וואַנדערונגען. אָ, פֿון
דאָרף אין שטאָט אַרײַן. אָ, ערגעצוואו אין אַ
גוטער (מזלדיקער) שעה. אָ, קיין (אין)... און
גלײַך פֿאַרפֿאָרן אין אַכסניא. ,,וויא מיר נון צו
אַלין בורג זײַנין אַן גיקומין...", גה, 154.
,,דורך שטאָרם אונ, אום וועטר... זײַנן זיא

אָנקומען

אַן געקרמן אין (ק,,ק עמדין),,, שאַר, קלא.
פֿריִער אָ, אין דעם לאַנד אַרײַן וואו דאָס פֿיל

,,
גאָלד איז,,, חײַקל הורוויץ, צפֿנת פענח,
באַרדיטשעוו 1817. ,,וועלבֿער פריץ... האָט עס
ניט געדאַרפֿט אָ, קיץ לינאָווע,,, אמד, יהודית

ד▯א צווייטע, ווילנע 1875. „קיין תּרשיש וועט ער [יונה] ניט אָ',„▯ גרינ, איד און וועלט.

2. קומען אין גרויסע צאָלן. אָנשטראָמען. פּליטים קומען אָן אין די טויזנטער. אָ, ווי הי▯שעריקן.

3. קומען צו אַן אָפּשטעל אָדער צום לעצטן פֿונקט פֿון אַ נסיעה (וועגן אַ קאָמוניקאַציעמיטל). צוויי באַנ▯ן קומען אַהער אָן אין איין מעת־לעת. דער פּאָיעזד וועט באַלד אָ'. מע ווייס ניט ווען דער עראָפּלאַן וועט אָ'. שיפֿן קומען אָן אין האַוון. אָ, קיין האָצעפּלאָץ. „אַלע האָבן נישט אויפֿגעהערט ▯צו קוקן אין דער זײַט פֿונוואַנען דער צוג דאַרף אָ,“, ספּ, סודות.

4. קומען ערגעץ (בשײַכות מיטן טראַכסן וועגן צײַט פֿון קומען ווי אַן אָנהייב אָדער סוף פֿון אַ קייט געשעענישן). אָ, באַצײַטנס, צו דער צײַט, צו שפּעט. אָ, אומגעריכט. אָ, ווען מע וואַרט, מע האָט מורא (אאַזוו אין פֿאַרבינדונג מיט אָ געפֿיל, אַן איבערלעבונג). אָ, נאָך אַלעמען. אָ, נאָך עלינו. אָ, צו חצות. אָ, אין מיטן בהלה, אין מיצקע־דעריצקע. אָ, אויף דער הייסער מינוט. די זיקנה קומט אָן. אַ גרויסער עולם קומט אָן ▯צו דער פֿאַרזאַמלונג. „ווען איז

דאָס קינד אָנגעקומען אויף דער וועלט?„.. „גיי פּאַוואָליע, וועסטו גיכער אָ',,; „אַז אַ לאָמער לויפֿט און אַ נאַר קויפֿט — קומען ביידע גלײַך אָן“; „אַז מע קומט אָן צו (נאָך) עלינו, שפּײַט מען אויס און מע גייט אַהיים“; „אײַל דיך ניט, ציג, אין וואַלד אַרײַן, וועסט שפּעטער צום וואָלף אָ',,, □וו. *אָ, ווי ר, חידקאָ צו שלשסעודות □: אומגעריכט און ניט־געבעטענערהייט. אָ, אויף די רייד = גראָד ווען מע האַלט אין

.

ריידן (וועגן דעם מענטשן גופֿא, וועגן עפּעס וואָס קען האָבן אַ שײַכות צו דעם וואָס קומט אָן). „שפּאַציון געגאַנגען... אָנגעקומען גוטע ברידערלעך: וואָס טוט איר דאָ אָזוי שפּעט?“, פֿל „ווען אים די גבאים זאַכן [= האָבן געזען] אַן קומען... דא פֿר באָרגן זיא זיך,,, מב,

-

מעשׂה מב. “איז ער שפֿעט אָנגעקומען, מוז ער שוין איבערווינטערן“, קמ, 5 1865, No.
„אויסגערעכנט האָבן טאַטע און זון אַהיימצוקומען צו דער מאַמע פּונקט צום סדר, אָנגעקומען זענען זיי פּונקט צו איר לוויה,,, אַש, תּהילים־ייִד.

אָ, צו פֿ אָ ר ן , צו פֿ ל יִ ע ן , צו שווימען
אע = אָ, פֿאָרנדיק אויף אַ פֿור פֿליִענדיק...

,

אאַזוו.

5. דערגרייכן צו עמעצן (וועגן עפּעס וואָס ווערט געשיקט). עס וועלן בּאַלד אָ, די חנוכּהמתּנות. די סחורה איז שוין אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע. אַ רעגיסטרירטער בּריוו וועט זיכער אָ'. עס קומט אָן אַ דערלויבּעניש פֿון מיניסטעריום. “אַ קללה איז ניט קיין טעלעגראַמע, זי קומט אַזוי גיך ניט אָן“, שוו. “זאָל איך ווײַטער פֿיל מאריך זײַן, וויישׂ אַזו ניט אובּ

דער כּתבֿ אַן קומט,,, פּראָגבּ, 18. ,,אַז דער בּריוו וועט אָ, צום וויצעגובּערנאַטאָר, וועט ער הייסן...“, יפּ. ,,ער האָט געעפֿנט מײַנע בּריוו

וואָס זענען אָנגעקדמ□ן אויף זײַן אַדרעס,,, קמ, 17 1863, No. ,,אוי, ווען גאָט העלפֿט אָבער, עס קומט איר אָן דאָס גוטע בּריוול מיטן ,פּאָטרעט, — ווער איז צו איר דעמאָלט גלײַך?,,, שע, קליינע מענטשעלעך....

6. דערוויסן זיך (וועגן אַ ידיעה). דערגרייכן

צו עמעצן. די דאָזיקע מעשׂה וועט אָ, צום טאַטן, רבּין אע. די גאַנצענע געשיכטע וועט אָ, צום גובּערנאַטאָר, פּריסטאַוו, צו נאַטשאַלסטווע. „אַז די זאַך איז אָנגעקומען פֿאַר דעם מלך. □ .„„ חה, זשיטאָמיר 1848, כה [„און, אַז דיא זאַך פֿר דען מלך קאַם...„„ חה, אַמשט 1716, ה/א]. „דאָס [= די מיאוסע מעשׂה] קען נאָך אָ, פּונקט אין מײַן שטעטל, און דאָ איז מיט מיר סכּנות נפֿשות„„ פּ. א. ך., ליבּע בל□יבּט ליבּע, וואַרשע 1879. „[חנניהס מבֿייש זײַן זײַנע חבֿרים] איז אָנגעקומען צום ראָשהישיבֿה“, פּרץ, 'מסירודנפֿש'. „קיין יאַנעווצע איז אָנגעקומען די בּשׂורה וועגן דעם נײַעם ליכט וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין ישׂראל„„ אַש, תּהיליס־י□ד.

7. (וועגן אַ צײַטאָפּשניט, וועגן אַ נאַטורדערשײַנונג) דערשײַנען, בּאַווײַזן זיך. עס קומט אָן די צײַט פֿון שניט. עס קומט אָן דער מילדער פֿרילינג. „ס'קומט דער הערבּסט אָן מיט זײַן בּייזער צורה„„ ממוס, יודל. „אָנגעקומען נײַע צײַטן... ס'הערשט אַ שטורעמדיקע נאַכט“, אַר, 'די □ידל'. „די שטילסטע שעה קומט אָן“ פֿריד־ווײַנינגער. „עס האַלט אין

איין אָ, נײַע, נײַסטע און איבערנײַסטע
כוואַליעס“, צײַט, טמז, 12 □ 1964 I. „פֿון דער צײַט
ווי עס קומט אָן די געשלעכטס־רײַפֿקייט ביז
פֿולשטענדיקער דערוואַקסנק□יט...,,, דר, ט.
קאָרינג, היגעניע פֿאַר אומפֿאַרהייראַטעטע,
וואַרשע 8□)l9.

8. באַפֿאַלן (ווע□ן אַ שוואַכקייט, קרענק).
באַהערשט ווערן. אָנכאַפּן. אַ משוגעת, אַ שגעון,
אַ ווילדע מחשבֿה קומען אָן און לאָזן ניט אָפּ.
“ס'איז דיר שוין אָנגעקומען די תּאווה?,, „אַז
דער יצר־הרע קומט אָן, גייט דער שׂכל אַרײַן
אין הינטן (תּחת),,, שוו. „ווען עשׂ [דאָס קדחת]
אין אַן קומט, זאָ זול ער נעמן שטרקן אישׂיק
[= עסיק] און, די הייבט קנובליך...“, „כּ,,י
ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא, No 17]. “ווען
איינם אָפּט מאלין איין חולשת אַן קומט...,,,
סור II, כב/א. „גאַר אופּט קאַם קויניג שאול
איין אונזין אַן,,, שמואל־בוך, סטראָפֿע 293.
„עז ווערט דיך אַנגשׂט אַן קומן,,, שעריר, יג,
21. “ווען איינעם קומט אָן אַ געוויין אום
שבת... מאָג ער וויינען שטילערהייט,,, לט2,
נט/א. „וואָס פֿאַר אַ שפּאַציר איז דאָס אויף

אים אָנגעקומען?,,, שע, טבֿיה. ,,אַלע אונדזערע
שׂונאים זאָל אָ, אַזאַ שווערקייט אויף די
געמיטער ווי מיר,,, ווײַס I, ,איינער אַ מענטש'.
9. בּאַשערט זײַן. אויספֿאַלן אויף אַ חלק.
“זאַל אײַך אָ, אַלץ וואָס איך ווינטש אײַך (וואָ□

אָנקו□ען

איר ווינטשט זיך אַליין),, □־. בּרכה. ,,זאָל אים
אָ, כאָטש אַ העלפֿט וואָס איך ווינטש אים,, —
קען זײַן אויך אַ קללה. אים וועט אָ, נאָר אַ
קליינער חלק. ,,דער בּעסטער בּיסן קומט אָן
דעם ערגסטן הונט□, שוו. ,,אײַך איז
אָנגעקומען אַלדער גוטער צוזאָ□, תּי, יהושע, כג,
15. ,,אַן קומן צום רשע זאָל... איין
פֿינצטרנס“, סהמ, תהלים, לה, 8. ,,די יודן אבּר
ת“ל [= תּודה לאל] אָהני לײַבּשׂ שאַדן אין
דער גאַסין אַן קומן זײַן“, אַ פּראַגער
פֿאַ,
מיליען־מגילה,, 1732 ף.יִוואָ, וואַכשטיין־בּוך].
,,איין טראָגנדע פֿרוי אויף זיך זעלבּסט זאָל
תּפֿילה טון דאָס איר געווינען גרינג זאָל אָ,,,,
ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים I, זולצבּאַך תּקנ,,א,

.

ע/א. „דער בּעסטער חלק לאַנגע ייִדישע נעזער איז, ווי בּאַקאַנט, די גלופּסקער מעקלער אָנגעקומען“, ממוס, ווינטשפֿ. „ער האָט אַנדערש ניט גערעכנט אַז חנהלע וועט אָ, אין זײַן גורל„,

מ מ. יודלעוועסקי, חנעלע, וואַרשע תר▯ד.

1O. אַרײַנבּאַקומען, (אַרײַנ)קריגן. „אַז דער בּעל־שׂמחה איז אַ פֿרעסער, קומט די געסט גאָרניט אָן„, שוו. „אָדם הראשון האָט זײַן ספֿר געלאָזט צו זײַן זון שת. איז דער ספֿר געגאַנגען בּירושה, בּיז ער איז אָנגעקומען צו שם„, נצ2, כז/א. “דעם גרויסן שׂררה, דעם גראַף, איז דאָס געלט גאָר אָנגעקומען דורך ירושה“, צ▯י ניסן גאָלאָמבּ, די בּורזשואַזיע, וואַרשע 1906. „אונדזער קייזער האָט קיין קינדער... דאָס קייזערטום וועט געוויס אָ, אָן מיר אָדער אַן מײַנע קינדער“, אבּ. פּשעמיאַראָווער, די פֿערבּאָרגענע צדיקים, פּיעטריקאָוו 1911 פֿון אויבּן נאָר און דורך אַ שם קומט

„ .

אָן (פֿאַר אונדז) דער איבּערקער“, אַל II.

11. קריגן אַ שטעל בּײַ עמעצן. אָנהייבּן דינען. ווערן אַ לערן־ייִנגל. קריגן עמעצן וואָס זאָל אויסהאַלטן. אָ, צו אַ בּעל־מלאָכה, אין

אַ געשעפֿט, קאַנטאָר אע. אָ, צום פּריץ פֿאַר אַן אויפֿזעער, עקאָנאָם. אָ, בעסער פֿאַר אַ דינסט איידער חתונה האָבן מיטן אַלטן אַלמן. "פּויערן האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן... סײַדן אָנצוקומען אויף די פֿאַבריקעס", דיא ▯כירות, לעמבערג 1896. "בעסער יוגגערהייט אין דער ערד צו ליגן איידער צו אַזעלבן פֿאַר אַ פֿרוי אָנצוקומען,,, א. י. סאַפּיר אויס מינסק, חטאת הקהל..., ווילנע 1881. אָ, צו שווער און שוויגער אויף קעסט [אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ שטעל]. אָ, פֿאַר אַן איידעם בײַם גבֿיר. ,,דו מײַן קינד, מיט דײַן שיין פּנימל קענסט דאָך אָ, צום פֿײַנסטן יונגנמאַן" [= אַ שידוך טאָן מיטן...] פֿל "דו בינסט שו▯ן ניט קיין יונגע

מיידעלע, דו דאַרפֿסט שוין אָ, אינגיכן צו ל ײַ ט ן [= חתונה האָבן, אָבער פֿאַרשטעלט, ווײַל מע האָט באַטראַכט אַז עס איז ניט גענוג איידל צו ריידן אָפֿן וועגן חתונה האָבן]", ש. וואָלצענאָק, דער בעקאַנטער דאָקטאָר, וואַרשע 1882.

12. קריגן אַן אָרט וואו צו זײַן.

אַרײַנגענומען ווערן אין אַן אַנשטאַלט. אָ, א י ן אַ שול, אין גימנאַזיע, אוניווערסיטעט אע. אָ, אין

דער העכערער כּיתּה. ,,.... שטאַרק פֿון זינען

אָנקומען

אַרונטער און איז אָנגעקומען אין הקדש,,,
י בּודזאָהן, דער מקח טעות, ווילנע 1927.

13. זײַן אָפּהענגיק פֿון עמעצן. בּעטן און קריגן הילף פֿון עמעצן. זיך ווענדן נאָך אַ טובֿה. אָ, צו משפּחה, צו אייגענע, צו חבֿרים, צו ווילד־פֿרעמדע אאַזוו. ניט וועלן אָ, צו לײַטן. אָ, צו קהל. ,,מײַנע שׂונאים זאָלן דאַרפֿן צו דיר אָ,,,. מע זאָל נאָר ני□ דאַרפֿן אָ, צו אַ (קיין) בּשׂר־ודם. אָ, צום רבֿ צו האָ□ן אַ דינתּורה. אָ, צו אַ תּלמיד־חכם, ער זאָל עס מסבּיר זײַן. אָ, צום □לווה נאָך אַ הלוואָה. געדענק! וועסט נאָך צו מיר אַ'. ,,שווער איז אָנצוקומען צו אַן אייגענעם (אַ פֿרײַנד)“; ,,אַז שוין יאָ אָ, — איז נאָר צו פֿרעמדע“; ,,אַז פֿאָטער און מוטער דאַרפֿן אָ, צו קינדער, איז זיי בּיידן בּיטער,,; ,,איידער אָ, צו קינדער זאָל מען בּעסער שטאַרבּן“; ,,ווען דער נגיד איז אָן אָבֿל, מוז ער אָ, צום אָרעמאַן,, [ווען ער זוכט אַ מנין] פֿריִער

□ □

קומט זרח אָן צו בּרוכן דערנאָך — בּרוך צך זרחן", שוו. "אַ ייִדיש גליק איז אָ, צו ,בּרכו',,; ,,בּעסער אָנצוקומען צו ,עלינו, איידער צום בּעסטן מענטשן" [ווש מיט בּ4; אין בּיידע פֿאַלן איז דאָ — אָ, שפּעט: נאָכן עסן, נאָכן דאַוונען, און גלײַכצײַטיק מיטן בּ: בּעסער אָנצוקומען צום רבּונו־של־עולם איידער צו מענטשן], שוו. אָ, ווי צו אַן אייגענעם (פֿרײַנד אע). אָ, ווי צו אַ שטיפֿמוטער. ,,בּאַדאַרף איך נאָך אָ, צו מײַן שוויגער נאָך חליצה", ש. בּעקערמאַן, הדסה, אַדעס 1884. "די חבֿרה קלעזמער... האָט געהאַט זייער ניט קיין שיינעם נאָמען און אַ שטעטלשער בּעל־הבּית פֿלעגט צו זיי אָ, נאָר אין אַן עת־צרה, ד,,ה ווען ער פֿלעגט חתונה מאַכן אַ טאָכטער", אַר, 'די חבֿרה כּליזמר'. ,,געוויינלעך האָכּ איך פֿאַר דער חתונה נאָך בּאַדאַרפֿט אָ, צום טאַטן", יק.

14. (ווי בּ13) זײַן אָפּהענגיק פֿון עפּעס. זײַן געצוואונגען זיך צו ווענדן צו אַ געוויסן מיטל (וואָס איז ניט ניחא, איז דערווידער). אָ, צו בּעטלבּרויט, צו דער טאָרבּע, אויף כּיכּר־לחם, צו (אויף) ק(י)צבֿה, צו (לידי) מתנת בּשׂר־ודם. אָ, צו עמעצנס לאַסקע. אָ, צום פֿלעשל = זײַן אָדער ווערן אַ שיכּור. ,,אַז מע בּאַדאַרף שוין

אָ, צו לײַטנס גאָב — כאָטש נעם און באַגראָב,,,

ש􏰀ו ,,עשירות מוז אָ, צום מזל, דאָס מזל אָבער דאַרף קיינעמס לאַסקע נישט,,, זב, דער קליינער

כל􏰀בוניק, אַדעס 1885. ,,ווי פֿאַרענטפֿערט מען די דאָזיקע קשיא? דאָ וואָלט איך באַדאָרפֿט אָ, צו אַ שאלת־חכם", ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. ,,דאַרף דער גוף אָ, צו חיבוט־הקבֿר אויסצורייניקן אים,,, תּניא, כה. "ער וויל בעסער עסן בולבעס אין העמדלעך אַבי נישט אָ, צו מײַן טרחה,,,

ש. גאָמאַן, וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, 2 1947 I.

קללה: זאָלסט אָ, אויף פֿרעמדע הענט = א) זאָלסט ווערן אַ בעטלער; ב) זאָלסט ניט קענען גיין.

15. האָבן (קריגן) אַ צוטריט צו עמעצן. ער קען אָ אַפֿילו צום גובערנאַטאָר. אָ, אין

,

(צו) די הויכע פֿענצטער = קענען אַרײַנקומען צו וויכטיקע מענטשן. ,,און דער חסיד האָט באַדאַרפֿט אַנצוקומען צום יעדנעראַל", טעיאַ􏰀

טאָר. ,,... האָט 􏰀עוואָלט אָ, צו דעם רבין, עס

איז אָבער נישט געווען מעגלעך“,
אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. „קומענדיק אין
ליובאַוויטש, האָט ר'... באַגליקט אַז ער האָט
באַלד געקענט אָ, צום רבין ביחידות“, לדב, נ“י
תשי„ז, שיח.
16. זיך באַציִען צו עמעצן. אָ, עמעצן [
דאַטיוו] ווי געהעריק, ווי עס באַדאַרף צו זײַן. *אָ,
ש יִ ן = א) אויף אַ פֿײַנעם אופֿן; ב) אויך:
גאָרניט פֿײַן. „דו פֿאַסקודניאַק איינער, בײַ מיר
וועסטו שוין אָ'!„.. *אָ, ג ר אָ ב = זיך באַציִען
צו עמעצן אומאיידל, גראָביונגיש. „איינער
פֿון די מאַטראָזן איז גראָב אָנגעקומען דעם
ווירדיקן ר, משולם“, אמד, דער ברטנורה, ווילנע
1877. אָ, ג ר ו י ס — פֿאַררײַסן די נאָז, מאַכן

אַן אָנשטעל אַז מען איז זייער וויכטיק. „ביסט
שוין גרויס אָנגעקומען. הע? און ס'פּאַסט דיר
שוין ניט — צו פֿרעגן אויף דער מאַמען „,,
בימקאָ, דעמבעס.
17. דריטפערזאָניק. זיך אײַנגעבן. געראָטן.
אויספֿיהן. האָבן אַ פֿעולה. עס קומט אָן גרינג,
לײַכט, גלײַך אע. עס קומט אָן שווער, מיט
מאַטערניש, מיט ביטערקייט, מיט אַנגסטן אע.

עס קומט אָן מיט גרינע ווערעם, מיט בלוט
און אייטער, מיט (ווי) קריעת־ים־סוף,
שווערער (ערגער), ווי קריעת־ים־סוף, ווי שפּאַלטן
דעם ים. אָ, מיט גרין און גאַל. אָ, מיט
גרויסע (געבראָטענע, געברענטע) צרות. עס קומט
אָן מיט גרינער גאַל, מיט קופּערנע ווערעם.
אָ, מיט גרינע ווערעם און קופּערנע פּיסקלעך,
מיט טערקישע ווערעם — דזוו מיט גרינע
ווערעם. „אויסקלאַפּן אַ גראָשן קומט אָן מיט
כריין„ — ביטער, האַרב. עס קומט אָן מיט
(אָן) יסורים, בויכווייטיק, קאָפּווייטיק אע. עס
קומט אָן מיטן טויט, מיט דער מיתה. „איידער
איך פֿאַרדין מיר אַ שטיקל ברויט, קומט עס
מיר אָן גלײַך מיטן טויט“, פֿל. „אַן עבֿירה
קומט גרינגער אָן ווי אַ מצווה“; „גרינג קומט
קיין זאַך ניט אָן“; „פּרנסה קומט (דעם ייִדן)
שווערער אָן ווי קריעת־ים־סוף„; „אַז אָ
בלינדער לוי􏰀ט און אַ נאַר קויפֿט קומען ביידע
שלעכט אָן„ [בעיקר מיטן ב4], שוו. „ווייש̇ט
וואַל בפֿרט היץ קומט מיר איקליכר גראָשן
שווער אַן“, 'בריוו פֿון יאָר 1588, [הש II].
“כל התחלות קשות — אַל די אַן היבונג קומט
איינם שווער אַן„, לט1, כו/ב. „ווער עס איז
תּמיד געוואוינט מיט צער און עגמת־נפֿש —

אַז עס קומט אים אָן אין צער, קען ער דאָס ▯אַרנעמען“, נצ2, נג/א. ”דער מאַמען איז מיט בויכווייטיק אָנגעקומען צו נעמען אין קלייטל אויף באָרג“, ממוס, ווינטשפֿ. „אָן יסורים אָנגעקומען מיר איז איבער דיר דער זיג„, יהןאָש, בלומען און דערנער.

18. דריטפערזאָניק, אומפערזענלעך. אַרן. קימערן. זיך זאָרגן. „אויף אַן אָנווער קומט אים ניט אָן„. ”ער האָט אַ ברייטן בוקל [= רוקן, הויקער], אויף אַן עבֿירה קומט אים ניט אָן“, טענדלאַו, 663.

19. אָנטרעפֿן. באַגעגענען אין וועג. גיין און אָ, אויף אַ טשערעדע. ”דא שלוג ער אַלשׂ

אָנקוקן

צו שטוקן ווש̇ ער ▯ם ▯ן„, שמואל־בוך, סטראָפֿע 775.

אָנקומענדיק — גערונדיוו פֿון אָנקומען. די אָ'ע טעג, יאָרן. די אָ'ע געסט. ”די רעלסן מיט די סלופּעס האָט לאַנגזאַם איינגעשלונ▯ען די אָ'ע נאַכט„, בערג, אַרום וואָקזאַל. „נאָך שבת־נחמו... הייבן זיך אָן פֿילן אין דער

לופֿט די אָ'ע אלול־טעג מיט אָלע
באַגלייטנדיקע עלעמענטן פֿון טראַדיציאָנעלער
ייִדישקייט“, טמז, 1965 III 17.
מיט ז י ך — צונויפֿקלײַבן זיך. אָ, זיך פֿון
אַלע זײַטן ־עניש פֿון יעדן געשעפֿט
. — „
אַן אָ, פֿון שפֿע“. „אַ שמאַלצגרובֿ, אַן אָ'“, שע
טטעמפּעניו. „די בּרכות אויסגעהערט, איצט
וואַרטן מיר אוין אָ',„.

-

אָנקומענשאַסט — די, ־ן. נעאָל. דזוו
צוקונפֿט. אַבֿאָ גאָרדין, אידישע עטיק
אָנקונדיקן — טרוו ־דיק אָן, ~געקונדיקט.

סוחריש) מעלדן, לאָזן וויסן. אָ אַז מע האָט
,

שוין אַרויסגעשיקט די סחורה. אויך: אָ, סחורה.
“יעדן מאָנאַט אָנצוקונדיקן אויבֿ רווח אָדער
היזק וואַר“, מ. הלוי הורוויץ, ס ר פּרשת

מרדכי, אונגוואַר 1866. ‏.. אָנקינדיקן.

אָנקונסט — די, ־ן. פּפֿ: ‏י.,קומפּט.
אַרכאיצט — דטשמ. נר. דזוו אָנקום. ,,דיא אַן
קומפֿט פֿ‏ן דיא שיפֿן אין... צור,,, איבֿז,
מקוה יע)ראָל, פֿפֿדמ 1712. “בּײַא אַן קונפֿט
דיזשׂ לענגשׂט הסחורה ווערט לידו גילאַנגט
זײַן...,,, אגרו[שלמה, ט/א. “זײַענדיק
צעקלעמט און אָפּגענאַרט פֿון דער אָ, אין ענ‏־
לאַנד“, מר I‏י.
אָן קונצן — פּרעפּ פֿראַזע דירעקט.
אומגעשליפֿן. אָן חכמות, אָן אייבערשפּיצלעד. אַ
פּשוטער חי־וקים אָן ק'. ,,זי איז אָן ק, פֿרום
און גאָטספֿאָרכטיק,,, ק‏, 20 1870, No. ,,פֿראָסט
מאַמע־לשון, אַזוי ווי איך האָב מיך געלערנט,
אָן ק', אָן דרײַערלעך,,, בּ. בּעקערמאַנן, זבֿ,
דער יודישער שפּיגעל, וואַרשע 1895. ,,אַז
כּולו חייבֿ וועט זײַן אַ פּשוסע גאולה, אָן ק',,,
ירמי, יוסף יאַקאַבזאַהן, המאיר לארץ,
מינעאַפּאָליס 1900.
אָנקונצנדיק — אַדי אָן ערלעכער, אָ'ער

ענטפֿער ־יקייט.

אָנקוק — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנקוקן. אַן איַ‏ליקער אָ, פֿון די אויסגעלייגטע סחורות. אַ שאַרפֿער אָ,. 2. אויסזע. אָנבליק. אַ שיינער אָ'. אויפֿן אָ, זעט עס אויס נישקשהדיק. 3. ספּעצ. דאָס אָנקוקן, דאָס ערשטע מאָל זען די כלה (דעם חתן) ביַ‏ים רעדן אַ שידוך „דאַכט זיך, מען איז געווען צופֿרידן מיטן אָ'„, שע, ונעס יאַריד II.

אָנקוקן — טרוו. קוק אָן, ~געקוקט. 1. קוקן אַ ביסל, אויף גיך, וואַרפֿן אַ בליק. אָ, שאָרף, מיט עזות אע. אָ, פֿאַרוואונדערט. אָ פֿרייד אָנצוקוקן. אָ, מיט פֿאַרבענקטע (פֿאַרליבטע אויגן. אָ, ווי אַ שטיפֿמאַמע (מיט אַ בייז פֿנים). אָ, מיט אַן אויפֿגעלויכטענעם (ליכטיקן) בליק. אַ, פֿון אויבן אַראָפּ — מיט ביטול. אָ, מיט א פֿאָר פֿאַרעווע אויגן = ליַ‏כגילטיק.

אָנקוק

קוקט נאָר אָן די צוה, דעם אומגליק. קוק אָר אָן אַזאַ חזיר־שטאַל. קוק אים נאָר אָן,

דעם גרויסן צעלייגער. *אָ, מיט איין אויג =
בייז, ניט־פֿאַרגינעריש. „פֿלעגט אונדז אָ, מיט
יין אויג, גלײַך מיר וואָלטן אים די ריבּן פֿון
פֿעלד אַראָפּגענו ן“, וואַרשויער יודישע
צײַטונג, 46 1867, No. *זאָלסט מיך אָ, מיט איין
אויג = קללה, ווער בּלינד אויף אַן אויג. „
בּעל. הבּיתטע, קוקט מיך אָן און קאָכט וועטשערע„
— רייד פֿון אַ בּעטלער: זעט מײַן שלעכטן
מצבֿ און גיט עפּעס, טוט זיך אײַערס. *„קוק(ט)
אים נאָר אָן!“ = זעט סאַראַ פּנים ער האָט. „דײַן
טאַטע זאָל פֿון קבֿר אויפֿשטיין און זאָל דיך
אָ, — וואָלט ער זיך צוריקגעלייגט“, פֿוול.
“מיט וואָסערע אויגון מע קוקט איינעם אָן —
אַזאַ פּנים האָט ער„, שוו. „אַז איו קוק דיך אָן,
איז די גאַנצע וועלט מײַן„ ל. „ס'האָט אַפֿילו
,
נאָך די זון נישט אָנגעקוקט און האָט גאָר
דערפֿון נישט געהאַט געוואוסט„, מס, קהלת
תּקע“ט, ו, 5. „ער איז געוועזן ווי אַ מלאך
וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעקוקט קיין
פֿרעמדע אשה“, איבּז, מדרש ע Iרת הדבּרות,
לעמבּערג 1862. „הײַנט ווער עס קוקט מיך אָן
שפּײַט אויס ווי פֿאַר אַ שפּין„, תּלאות המורי ,

סודלקאָוו? ״איך בטל צו אים אויס חלומות, ער בטלט צו מיר, נישט אָנצוקוקן איינער דעם אַנדערנס פּנים“, ממוס פּישקע.

,

2. קריגן אַן אײַנדרוק, אַן אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונג. „איר קוקט אים אָן — אַ שעפּעלע נעבעך, אָבער...„. „אַז איר קוקט אים אָן —

קען ער קיין צוויי ניט ציילן„. „זאָלט איר אָ, ווי געזונט זיי זענען! אײַזן!“, שע, , בערלאײַזיק'. „מענטשעלעך, וואָס אָ'דיק דאַכט זיך זיי זענען שטאַרק באַשעפּטיקט... און באמת זענען... [זיי] ליידיקגייער, גאָרנישטן“, ממוס, קליאַטשע.

3. קוקן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. גוט באַקוקן. *גיין אָ, אויף בילעטן = באַקוקן עפּעס וואָס איז אויסטערליש, וואונדערלעך, וואָס איז ווערט צו צאָלן געלט פֿאַרן קוקן. אָ, אויף חידושים. אָ, אויף וואונדער. אָ, איינער דעם אַנדערן ווי גולמס (גולמים). לויפֿן אָ, ווי (אויף) אַ בייזוואונדער. אָ, פֿון קאָפּ ביז (די) פּיס. “ שלעכטע געשעפּטן. כאָטש זיך און קוק אָן די פּיר ווענט“. „עס גלוסט זיך אָ, אַ וועלט„. „אַ טײַער קינד — די מאַמע פֿאַרגינט זיך נישט ז

אָנצוקוקן,,..אָ, ווי אַ האָן אין בני־אָדם = ווי
דער האָן וואָס קוקט אַרײַן אין סידור, ווען מע
שלאָגט מיט אים כפּרות, ד"ה קוקן און גאָרניט
פֿאַרשטיין. *,, ע ר איז קוק מיך אָן און ריר
מיך ניט אָן,,, פֿוול = אַזוי שוואַך איז ער, קוים
וואָס ער האַלט זיו אויף די פֿיס; ד אָ ס איז:
קוק מיך אָן... = וועגן אַ טײַערער זאַך וואָס
מע קען חלילה צעבּרעכן. *ז י איז קוק מיך
אָן... = וועגן אַ מיידל וואָס האָט ליב מע
זאָל זי באַוואונדע ן, אָבער זיך ניט צורירן צו
איר פֿאַר אָ, צאָלט מען קיין געלט ניט,,, שוו.
. —
[← אויך בּ4]. ,,ווען איך מיר בּעסער אויס
זײַן און וועל אָ, מדינות,,, חבּ, 'מעשׂה בּחכם
ותּם,. "קוק מיך נאָר אַצינד אָן, איך בּין אָסור

1 3

ניט מיאוס,,, עט, סערקעלע. ,,האָט אונדז מיט
זײַנע פֿאַרזמורקעטע אויגן זייער שטאַרק
אָנגעקוקט", אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ, ווילנע
1868. ,,גייט צו, קוקט נאָכאַמאָל אָן דעם
בּעלדין און זאַגט ווער ער איז,,, ייִז, יאָשע קאַלבּ.

4. ספּעצ. דאָס ערשטע מאָל זען און זיך
באַקענען, באַקוקן אַ כּלה (אויך אַ חתן) בײַם
רעדן אַ שידוך. אָ, אַ (די) כּלה, אַ (דעם) חתן.
„-— האָט איר זיך שוין אָנגעקוקט?„ — „ניין,
ער דאַרף ערשט קומען מיך אָ'“. „זאָלסט זיי
מער נישט שיקן, כ'וועל זיי מער נישט אָ',„,
פֿל. „אַהין איז מען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אויף
אָ, און שליסן תּנאָים“, ייִל, ניט טויט ניט
לעבעדיג, ווילנע תּרנ„ח. „וועל איך קענען כאַפּן
דעם אָטעם און אָ, די שענסטע כלה“, ספּ, סודות.
„אַ נײַע טראַגעדיע — איך דאַרף כלות אָ',„,
י א קאַצאָוויטש, 60 יאָר לעבן. „האָט דער חתן
געהאַט די געלעגנהייט אָנצוקוקן די כּלה,
אָבער... דערנאָך... האָט ער געוואָלט
אָפּלאָזן דעם שידוך“, שמעון האָראָנטשיק, „גאָטס
משפּט„.
5. זען, דערזען. אַזוי ווי דו (איר) קוקסט
(קוקט) מיך אָן = אָט אַזוי ווי דו זעסט מיך.
זיצן אין בית־מדרש און ניט אָ, די וועלט. „וואָס
פֿעלט דיר דאָ? ווי איך קוק אָן, איז דיר דאָ
זייער גוט„, נעתק מאת צדוק צדיקאָוויץ, נעימות
יעקבֿ, [איבּז פֿון דובּנער מגידס משלים], ווילנע
1869. “גאָר אַ מיוחסת געוואָרן, קוק נאָר אָן —
אַ פּריצטע„, רחלע די זינגערין, זשיטאָמיר

1868. „די אויגן זײַנען מיר צוגעמאַכט בכדי נישט אָנצוקוקן בײַם דאַוונען די לעכטיקע וועלט„, ממוס, פֿישקע. „איר מעגט... אָ, וואָס פֿאַר אַ הוט זי טראָגט, אַן עכטע פּאַנאַמע„, שע, בלאָנדזענדע שטערן I. *ניט אָ, אַ גראָשן סאַר די אויגן = ניס פֿאַרדינען אַ גראָשן
-

אַפֿילו.
6. אַרײַנקוקן. אָ אַ ספֿר. „קוקט ער פֿאָרט

אַמאָל אָן אַ שטיקל אבֿן־עזרא, אַ שטיקל רלבֿ„ג“, דער יודישער פֿאַר פסח, וואַרשע 1881.
„מען ערלויבט זיך מבֿטל צו זײַן פֿון תּורה לערנען... קוקז די גאַנצע וואָך קיין ייִדיש ספֿר אָן„, ר, יצחק האַמבורגער, איבֿז, tיח יצחק, קראָקע 1882.
7. באַטראַכטן. אָ, די סחורה, דאָס שטיקל אַרבעט. עס איז אַ פֿרייד (האַרצווייטיק) אָנצוקוקן ווי ער האָט זיך געביטן. „קוקט נאָר אָן ווי ער האַלט מלחמה מיט זיך אַליין„.. „ס'איז ניט גענוג צו קוקן, מע דאַרף אויך אָ, די פֿאַרהעלטעניש צווישן זיי„.. „רבונו־של־עולם! קריך אַראָפּ פֿון דעם הימל. (זע און) קוק דיר אָן

דײַן וועלט“, שוו. „קוקט זי אינמיסטן אָן ווי זי איז אויך פֿאַרענדערט געוואָרן“, אי. קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930.

8. האַלטן פֿאַר. אָ, פֿאַר משוגע, אָ, ווי אויף אַ מענטשן וואָס איז ניט מיט אַלעמען. אָ, ווי (פֿאַר) אַ שפּיאָן. “די פֿרויען האָבן... ווי אַ ווילדן... מיך אָנגעקוקט„, מוק, מײַנע באַגעגענישן II.

9. מיט נ י ט. פֿאַרטראָגן. סובֿל זײַן, דער

-

לײַדן. ניט ק ע נ ע ן אָ, ווי אַ חזיר, דעם

טרייאָ קידע(ווע)ן

פֿענעם חזיר, ווי דער הונט (פֿון דעם פּריץ), ווי אַ קרעציקע ציג, ווי עבֿודה־.זרה אַליין, ווי דעם וואָכערניקס קוויטל, ווי אַ שפּין, ווי אַ שרץ. „איך קען זײַן פּרצוף־פּנים (פּאַרצע) ניט אָ',.. ניט קענען עמעצן אָ, = פֿײַנט האָבן. „ווען איך זאָל ניט זײַן אַ קבצן, וואָלט איך דאָך ניט געוואָלט דײַן פּנים אָ',,, לאַט, מאַמאָן. „דער גאַנצער טוער דרינען איז דאָך חײַקל־חיים, ווײַל ער קען נישט אָ',,, ממוס, ,אַ שטאָט אין

מזרח'. „אָ, קען זי ניט די כּתרילעווקער
קונים — זיי זענען צו קלוג!„, שע, קליינע
מענטשעלעך. □... „דער רבּי... עפּעס קאָן ער
נישט אָ, די ייִדן וואָס ווילן בּעסער: 'כּי טובֿ
לנו עבֿוד את מצרים...'„, א. בּערגמאַן, קאָצ—
קער מע□יות, וואַרשע 1929.

מיט ז י ך — אָ, זיך ווי צוויי הענער, ווי
צוויי קוני־לעמלס. קוק זיך אָן אין שפּיגל, זע
סאַראַ פּנים דו האָסט פֿריִער קען □ען זיך
— „ .
ניט זאַט אָ„, דערנאָך קען מען זיך ניט קוקן
גלײַך אין די אוי□ן„, שוו. „די אויגן האָבּן זיך
שוין אָנגעקוקט דערויף, האָט מען חרטה„,
אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1865.

־עכ□ן — „ס'איז בּאַשטימט געוואָרן דאָס אָ'.
דאָס מיידל איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן“,
פּ. רודאָי, טמז, 30 XII 1962. ־עניש —
זעעניש פֿון אַ כּלה פֿירן צום אָ'. “וויפֿל גיט ער
.
נדן, וואוהין זאָל מען זיך צונויפֿפֿאָרן מאַכן
אַן אָ'?„, שע, מנחם־מענדל. „די ערשטע אָ,
מיט וועלט„, אַקש, וועגט, קיִעוו 1921. ־ער
(־ין, ־קע) — ניט קיין קונה, בּלויז אַן אָ'.

אויך: ווען מע שיקט אָנצוקוקן די כלה.

ערײַ.

אָנקוראַזשירן — טרוו. ־זשיר אָן, ~
קוראַזשירט. אויפֿמוטיקן, צוגעבן מוט,
אויפֿמונטערן. אָ, אָנצונעמען די אָנגעבאָטענע אַרבעט.
„דאָס אַליין וואָלט גענוג געווען די
האַנדלסוועלט צו באַרואיקן אין די גרויסע
אונטערנעמונגען... אָ'", קמ, 30 1868, No.

אָנקורען — טרוו ־רע אָן, ~געקורעט. סל
1. אָנהייבן. אָ, ווי אין אַ בעקערײַ. 2. שטאַרק
אָנרייכערן. אָ, ווי אין אַ קרעטשמע. „זעט נאָר
ווי מע האָט דאָ אָנגעקורעט„, שע, סטעמפּעניו

אָנקושן — טרוו. קוש אָן, ~געקושט. אַ סך
מאָל קושן. „וואָס איז זי אַ מזוזה, אַז דו
קושסט זי אַזוי אָן?„ — קרוינעלע, האַרצעלע,
וואָס איז דיר געוואָרן? — אָנגעקושט און
אָנגעהאַלדזט און אַוועקגעוואָרפֿן„ פֿל. „אָנגעקושט

און אָנגעליובעט, ביז דער פּאָיעזד איז
אַוועקגעגאַן" פֿל. „גיב מיר דײַן האַנט. אָ, וויל איך

זי. ווייַן ניט!„, יד, אבן נגף. מיט ז י ך —
קזוו. "ווי וואַרע פֿרײַנד, ליבהאָבערס אַקוראַט,

זיי קענען זיך גאָרניט אָ, זאַט,,, ש. מ.
אָסטראָווסקי, דער מאַסקעראַדין באַל, וואַרשע 1884.
־עניש.
אָנקטיגורן — [... קאַטיי'גערן] אוטוו. קט גור
אָן, ..,,געקטיגורט. אָנרעדן שלעכטס.
באַשולדיקן אין אַ צאָל חטאָים. דערמאָנען אַלטע חטאָים
און אָ, אוי אונדז.
אָנקידע(ווע)ן — טרוו ־דע(ווע) אָן, ~
געקי.

אָ קיטעווען

דע(ווע)ט. סל. אָנוואַרפֿן אין אַן אומאָרדענונג.
אָ אַ באַרג פֿאַרשיידענע זאַכן. אָ, דאָס אָנטועכץ
,
אויף אַלע שטולן. ,,מע האָט דאָ אָנגעוואָרפֿן
און אָנגעקידעט,,, אַבֿרהם פֿאָדים
אָנקיטעווען — טרוו. ־טעווע אָן, ~
געקיטעוועט. אָנשמירן, אַרומשמירן מיט קיט. אָ, די
שויבן.
אָנקייטלען — טרוו. ־טל אָן, ~געקייטלט.
1 פֿאַרבינדן מיט (אין) אַ קייטל. אָ,
צאַצקע

לעך. אויך פֿיג. אָ, געדאַנקען. 2. צוקייטלען.
אַרויפֿטאָן אַ קייטל. אָ, איין אַרעסטאַנט צום
צווייטן. אויך פֿיג. „צווייפֿלען צי לוינט עס
אָנצוקייטלען דעם יחיד אין אַ גרעסערע גאַנצע
וואָס דערדריקט זײַן נשמה,„ פּ. אַלטערמאַן,
איבּז, י. ראָזענהיים, דער וועג פֿון אופֿלעבּנדיקן
פֿאָלק, ריגע 1940. מיט ז י ך — "זיך אָ,
אין דער... לעבּעדיקער און טראַדיציע־רײַכער
ייִדישער ליטעראַטור", יג, טמז, 1966 י 6.
—ונג.

אָנקייטן — טרוו. קייט אָן, ,געקייט
פֿאַר.

בינדן מיט אַ קייט. צוקייטן. אָ, דעם הונט.
"איך האָב מיט טויזנט רינגען דיך אָנגעקייט,
געליבּטע", יהואָש, זון און נעבּל.

אָנקיילן — טרוו. קײַל אָן, ~געקײַלט. 1. קײַלן
-

אַ סך. אָ, חזירים פֿאַר זייער חגא. 2. שטאַרק
אָנבּרעכן די ביינער. „איך בּאַווײַז מײַן פֿאַרע
און קײַל אים אָן אויף רעכטס, דערבּײַ לאָז איך
אים ניט געבּן קיין קרעכץ,„ פּל (אונטערוועלט)
[בּײַ אונז יודען, וואַרשע 1923]. מיט ז י ך —
קזוו ־עניש.

אָנקיילעכן — טרוו ־לעך אָן, ~געקײַלעכט.
־

מאַכן אין פֿאָרעם פֿון אַ קײַלעך. מאַכן אַ ביסל
מער קײַלעכדיק. אַרומשניצן און אָ, די
אָפּגעבראָכענע צווײַגן. ־ונג.

אָנקייען — טרוו קײַ אָן, ~געקײַט (אויך:
־־

,געקײַעט — פּד). 1. קײַען אַ סך, אַ
לענגערע צײַט. גוט אָ, איידער מע שלינגט אַראָפּ.
אָ, טאַבעק און אָנשפּײַען די פּאָדלאָגע. 2. קײַען
אַ ביסל, אַ טייל פֿון עפּעס. „דאָס קינד קײַט
אַן אפֿשר צ ן קיכלעך און וואַרפֿט זי אַוועק„.

י

מיט ז י ך — זיך גוט אָ, און פֿאַרטרינקען
מיט קוואַס. ־עניש.

אָנקייקלען — טרוו. קל אָן, ~געקײַקלט. פּפֿ:
־

~קויקלען. 1. ברענגען צו קײַקלען.
קײַקלען אַ צאָל, אַ סך. אָ, פֿעסלעך, רעדער,
קלעצער אע. „בײַם גרינעם בריק האָבן די...
פֿורמאַנעס און טרעגער... אָנגעקײַקלט אַ
הויכן שנייאיקן באַרג“, אַקש, דעד, 14
אָקטיאַבערס, מאָסקווע 1931. 2. צונויפֿדרייען. אָ,

דעם באַל סחורה. אָ, די מגילה. 3. אָנמאַנגלען.
אָ, לײַלעכער. 4. אָנוואַלגע␣ן. אָ אַ בלאַט

,

לאָקשן. 5. פֿאַרדרייען. אָ, אַ פּאַפּירעסל
מאַכאָרקע. אויך מיט ז י ך — זיך אָ, אין זאַמד.
אַנקילאָIזיס — דער. מצ נבֿ. < איי < גר
(פּאָטאָלאָגיע) דאָס אומנאָרמאַלע צונויפֿוואַקסן
פֿון ביינער, געלענקען ־טיש — אַדי

.

־סטאָמיאָזיס — פּאַראַזיטישער וואָרעם אין
די געדערעם פֿון אַ מענטשן אָדער בעל־חי.
,,קוילנגרעבער און ליים־אַרבעטער וואָס אַרבעטן

164()

אויף אַ פֿײַכטן באָדן, אָפֿט באָרוועס, קענ␣ן
לײַדן פֿון אַ ספּעציעלער שווערער ווערעם־
קראַנקייט, די אַ"ג אַ''' פֿגעז, ווילנע 2 1939, No.

,

אָנקילן — טרוו. קיל אָן, ~געקילט. 1. מאַכן
קיל(ער), אָ, וואַסער אויף צו טרינקען. אָ, דאָס
צימער. 2. באַרואיקן. אָ, דאָס צערודערטע
געמיט. 3. אַנשטאָט אָפּקילן. נר. מיט ז יך
— *זיך אָ, מיט עמעצענס ב ל ו ט = זיך רייצן

מיט עמעצן, באַליידיקן, אָנפֿאַלן מיט זידלערײַען. "די געסט גייען זיך אָ, נאָכן טאַנצן,,, פֿמ [= קילן זיך אָפּ].

אָנקינדיקן — טרוו ־דיק אָן, ~געקינדיקט.

·

אָנזאָגן. אינפֿאָרמירן. געבן צו וויסן. אַנאָנסירן. פֿרגל: י.,קונדיקן. אָ, נײַע צרות, גזירות אע. אָ אַ רעפֿעראַט. ,,דוא קינדיגשׂט מיר דען טויט

,

אַן", מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718. ,,דער וויאָליניסט האָט אין בערלין אָנגעקינדיקט ... אַ קאָנצערט", ייִפֿאָל, 24 l881 XII. ,,מײַן רעצענזענט האָט אָנגעקינדיקט אַ גילו ־דעת וועגן דער 'מעטאָדישער ווערדע,..."‚ נפּ, ייִפֿאַ, 1939, 3. ־ונג. ־ער.

אָנקינדלען — טרוו ־דל אָן, ~געקינדלט.

·

אָנהאָבן אַ צאָל, אַ סך קינדער. טויג בלויז אויף אָ, מיידלעך. ,,די בעל־הביתטע האָט אָנגעקינדלט אַ פֿולע שטוב טעכטער און אַן איינציקן זון,,, מבאָ, דער גייער. אויך מיט ז י ך.

אָנקינדן — טרוו קינד אָן (?), ,געקינדט.

Mhd: an־] n(1e. אַרכ. דזוו אָנקינדיקן. צו

וויסן טאָן. מפֿרסם זײַן. „איך וויל איר אַן קינדן דען בעשׂטן ראהט אַלז איך קאַן פֿינדן„, מכירת יוסף פֿפֿדמ 1713 [אַווע III]. “איך וויל איַיך היא

בײַא ניט מער אַן קינטן...„, 'איין שין נײַא קוריעס שפּיל ליד', אָפֿנבאַך תּע„ט [ריבֿ, קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן בײַ ייִדן].

אָנקינדערדיק — אַדי וואָס איז אָן קינדער. אַן אָ'ע משפּחה.

אָנקינותדיק — [... קינעס...] אַדי. וואָס איז אָן קינות, אָן קלאָגערײַען. אַ ליכטיקע, אַן אָ'ע ליריק.

אָנקינצלען — טרוו ־צל אָן, ~געקינצלט.

אָנמאַכן אַ צאָל קונציקע זאַכן. אָ, שניצערײַען. אָ, רייזעלעך. ־עניש.

אָנקיפּלען — טרוו. ־פּל אָן, ..געקיפּלט. 1. אָנוואַרפֿן. אָנשלעפּן. אָ, שמאַטעס. 2. רײַסן אַהין און אַהער. ניט לאָזן צו רו. צופּן כסדר, אַ לענגערע צײַט. אָ, די קינדער, זיי זאָלן זיך צעוויינען.

אָנקיסן — טרוו. קיף אָן, ..,געקיפּט. פּד
וואָנילִיונגעריש אָנממיתן. אָנקלאַפּן מיט די
קנעכלעו פֿון די פֿינגער. אָ, די ריפּן מע זאָל
זיי ניט קענען אויסציילן. אָ, (אין) די ביינער.
אָנקיצלען — טרוו. ־צל אָן, ~געקיצלט.
קיצלען אַ סך, אַ צאָל. אָ, די קינדערלעך. אָ,
דעם עולם מיט ביליקע וויצן. ,,כּפֿלענדיק
טרער אויף טרער, אָ'דיק לאַך אויף לאַך“,
בּ ריווקין, גרו[ט־טענדענצן....
אָנקירעווען — אוטוו. ־רעווע אָן, ~
געקירעוועט. פּפֿ: ~קערעווען.   1. קאַמאַנדעווען,

אָנקלאָגן

שטיפֿן אַ סך. ,,וואָס קירעוועסטו דאָ אָן? וואָס
ביסטו געוואָרן אַזוי צעלאָזן, צעווילדעוועט?,,.
2. ווענדן אין דער ריכטונג וואָס מע וויל. אָ,
דעם עולם־גולם.
אַנקל — דער, ־ס. 1.[an: (טאָקערײַ
אײַזערנער מכשיר אײַנצושנײַדן קאַרבּן אין
זוים פֿון אַ ברעט (צונויפֿצופּעסטיקן צוויי טיילן
אָן טשוועקעס) פּרגל אַנגל.

.

אָנקל — דער, ־ס פֿעטער (אָפֿיציעלער, א ן
.
 בכּיוון פֿאַרדײַטשמערישטן לשון, אויך אַמ).
"און, אײַער אונקל אויך צו גריסן,,, מאַרשן,
לשון זהבֿ, אַמשט תּצ"ד. ,,דא פֿנגט דר בּחור
אַן צו זײַן אונקיל: איך וויל אײַך....,, קה,
פֿיורדא 1743, יב/ד. ,,איך וויל ניט קענען ניט
מײַן אָ, און ניט זײַנע קינדער,,, ל. לעוויץ,
רפֿאל דעם שנ .דערס טאָכטער, ווילנע 1888.
,,פֿון דער מינוט אָן וואָס אָ, הערי האָט געלאָזט
די מאַשינקע, האָט ער נישט אויפֿגעהערט
רעדן,,, ייִז, . קאַרנאָווסקי. שלום אַשס אָ,
מאָזעס
אָנקלאָג — דער, ן. 1. אַקט פֿון אָנקלאָגן.
 אַ שאַרפֿער אָ'. 2. שריפֿט, דאָקומענט פֿון
אָנקלאָגן. בּרענגען (דערלאַנגען, אײַנגעבן) אַן
אָ,. ,,האָבן זיי געשריבן אַן אויף די
בּאַוואוינער פֿון יהודה און ירושלים", תּי, עזרא, ד, 6.
אָ'־בּ ו ך. אָ'־בּ י ו ר אָ. אָ'־ג ע ר י כ ט. אָ'־
ש ר י פֿ ט. [אָנקלאַגע — דטשמ, נר.]
אָנקלאָגן — טרוו. קלאָג אָן, ~געקלאָגט.
 1. אַרײַנבּרענגען אַ תּבֿיעה, אַ מאָנונג פֿאַר אָן
אָנערקענטער אינסטאַנץ. אָ, ראובֿנען פֿאַר ניט

באַצאָלן שמעונען. אָ, פֿאַרן קרוינגעריכט פֿאַר

מענטשן פֿאַרן בית־דין פֿאַרן רבֿ. ,,זולכי אום

ביילׅיכע זאַך אצל השׂררה... אַן קלאָגן מוזטי,,,
'בריוו פֿון משולם זלמן מדפּיס', זולצבאַך
תּקט״ז [יtראל היילפּרין, ועד ארבע ארצות,
ירושלים תּש״ה]. ,,אַז ער פֿאָלגט ניט קין רבֿ,
טאָ קלאָגט אים אָן א י ן געריכט,,, ירמי, יוסף
יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
*אָ, צ ו ם 'ונתנה־תוקף, = איר וועגן אָ'. אַזוי
אויך: אָ, צו (פֿאַר) דער רביצין. מעגלעך אויך
איר: אָ, צום רבֿ. ,,העכסטנס קען מען אַן
אַקטיאָר אָ, צום 'ונתנה־תּוקף', געלט אָבער קען
מען נישט צוריק אָפּקריגן״, ש. י. האַרענדאָרף,
טעאַטער־קאַראַוואַנען, לאָנדאָן 1955. אָ, אין .־
ראַוואַיע דודקע . אָנגעב, ב6.
2. צוגרייטן די לעגאַלע פּראָצעדור קעגן אַ
באַשולדיקטן פֿאַר אַ קרימינעלן אָדער ציווילן
געריכט. צוציִען צו קרימינעלער אָדער
געלטלעכער אַראַנטוואָרטלעכקייט. ,,דער
געהילףפּראָקוראָר וועט זיך פֿאַרנעמען מיטן אָ'...,,..
אָ, נאַצישע דאָקטוירים פֿאַר אַכזריותדיקע

עקספּערימענטן איבּער (אויף) זייערע קרבּנות. „דאָס האָט זי אים אָנגעקלאָגט — און דו וועסט בּײַ מיר הענגען, האָט זי געזאָגט„, מלה, 'סאַלוט'. „האָט שוין בּדעה געהאַט צו מאַכן דעריבּער אַ גאַנצע סלעדסטווע און אָנצוקלאָ␣ן זיי ווי פֿאַלשמינצער„, אמד, די נאַכט פֿון ט״ו כּסלו, ווילנע 1868.

3. בּאַשולדיקן. אָ אַ לאַנד אין אַגרעסיע.

״האָט דער פּרעדיקער זײַן קהל צוזאַמענגערופֿן

אָנקלאַמערן

און האָט דעם סופֿר אָנגעקלאָגט דאָס ער אים ניט דולדן קאָן„, עמוד היראה, ␣אונגוואַר 1867. ״די ייִדישע געמיינדע האָט אָמאָל געשיקט שלוחים אָנצוקלאָגן זײַן בּרודער... פֿאַר אַ נײַעם טעמפּל־רויבּ„, אַלכּסדר האַרקאַווי, דיא יודישע רעוואָלוציאָן, נ„י 1892.

4. לאָקל (סאַנץ, גאַליציע) קאַליע מאַכן. אָ, עמעצנס פּרנסה. אָ, אַן אַרבּעט.

5. אוטוו, אַקוזוו. אַ סך, אַ לענגערע צײַט קלאָ␣ן, וויינען, טענהן. אָ, אַ פֿולן קאָפּ.

מיט ז י ך — קלאָגן זיך, טענהן, וויינען
אַ סך. „נו, גענוג זיך אָנגעקלאָגט. בּאַרואיק
זיך‟. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (—יז,
־קע) — „איר זײַט די אָ'ס און זאָלט ניט זײַן
צוגלײַך די ריכטער וועלכע משפּטן‟, יהואָש,
,די מצורעים'. □ערײַ.

אָנקלאַמערן — טרוו. ־ער אָן, □י־,געקלאַמערט.
1. אָנפֿעסטיקן מיט אַ קלאַמער, מיט קלאַמערן.
אָ, וועש אויף צו טריקענען. 2. □טעלן אַ סך
קלאַמערן, האַלבּע לבֿנות. שרײַבּן עפּעס מיט
אַ סך קלאַמערן. מיט ז י ך — 1 פֿעסט

.

אָנהאַלסן זיך. אָנכאַפּן זיך. אָ, זיך צום (בּײַם)
לעבּן. אָ, זיך אָן דעם רבּינס גאַרטל. אָ, זיך
מיט די הענטלעך אַרום האַלדז. אָ, זיך אָן (צו)
אַ נײַעם געדאַנק. „עס האָבּן זיך אָנגעקלאַמערט
הענט אָן אַקסל‟, א. ראַבּאָי, איך דע□צייל. „דער
אין וועמעס נאָמען ער האָט זיך אָנגעקלאַמערט,
ווי אַ זיך טרינקענדער אָן אַ בּרעט„, קאָר I.
2. אײַנעסן זיך. „דער וואָרעם האָט זיך □עסט
אָנגעקלאַמערט אָן דעם געהירן„, איבּז, ספּורי
נפֿלאות, לבובֿ תּר״י. אויך: ~קלאַמפּערן
(זיך) — ‟אויבּ ער וועט זיך נישט אָ, א י ן

דער באַריערע וועט די שיף אים אויספּײַען,,,
באַש פּאָר, 1967 ׳ 22.

,
אָנקלאַנג — דער, ־ען. אָנהייב פֿון קלאַנג. ענלעכקייט אין קלאַנג. אָ, פֿון די תּיפֿלה־גלעקער. ,,דער אָ, פֿון גאַנג רופֿט אַרויס אַפּעטיט,,. ״... האָט אַן אָ, מיט דער גרסא פֿון 'אמונה רמה',,, ע. ל׳ף, ייִבל 7 ,XIII־8.
אָ'נקלאַנגיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ קלאַנג. אָ'ער אַרײַנקום. ־יקייט.
אָנקלאַסדיק — אַדי. וואָס איז אָן (געזעלשאַפֿטלעכע) קלאַסן. אַן אָ'ע געזעלשאַפֿט. ־יקייט.
אָנקלאַסעוודיק — אַדי וואָס מע קען ניט אײַנטיילן אין קלאַסן, אין אונטערגרופּעס. וואָס מע קען ניט קלאַסיפֿיצירן. די אָ'ע, די גאָר פּרימיטיווע בּרואים. ־יקייט.
אָ'נקלאַסעווע — אַדי. דזוו אָנקלאַסדיק. נר ״די אָ, געזעלשאַפֿט... וועט זאָרגן וועגן די

-

פֿאַרבּרעכערס״, י רימיניק איבּז, מאַקס העלץ, פֿונעמ ווײַסנ קרייצ צו דער רויטער פֿאָנ, אַדעס 1932.

אָנקלאַפּ — דער, ־ן, ~קלעפּ. אַקט פֿון אָנקלאַפּן. שוואַכער (שטאַרקער) אָ, אין טיר. אָ, פֿון שילד(ל), 'וויוועסקע,.

אָנקלאָפּאָטשען — טרוו. ־טשע אָן, ,.

געקלאָפּאָטשעט. פּפֿ: ,קלאַפּאָטשען. אָנטומלען. פֿאַרהאַקן דעם קאָפּ מיט רייד, טענות,

1641

בקשות. אָ, אַ פֿולן קאָפּ. מיט ז י ך — דזוו אָנכלאָפּאָטשען זיך. נעמען אויף זיך קלאַפּאָט. אַרומלויפֿן, בעטן, זיך משתדל זײַן. אָ, זיך איבער אַ נאַרישקייט. אָ, זיו צו טאָן עמעצן אַ טובֿה.

אָנקלאַפּן — קלאַפּ אָן, ~געקלאַפּט. אוטוו — 1. איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל געבן אַ קלאַפּ מיט דער האַנט (אָדער מיט עפּעס אַ זאַך) כדי דער ווער עס איז אינעווייניק זאָל וויסן אַז מע האָט עפּעס אַן ענ ן צו איס. אָ, אין טיר, אין פֿענצטער, אין לאָדן, אין שויבֿ. אָ, צו עמעצן אין צימער. מ t פֿאַרטײַטשט 'דודי דופֿק, (שיר השירים, ה, 2): ,,וואַר אַן קלאַפּן,,. ,,געדענקסטו, געדענקסטו, ווען איך האָב בײַ דיר אָנגעקלאַפּט,

האָסטו מיך געלאָזט אַרײַן?,,, פֿל. ,,איבֿר איין קלייני ווײַל קאַם דר זעלבֿיג מאַן ווידר פֿאַר הללשׂ טיר אונ, קלאַפּט ווידר אַן,,, מבֿ, פּראָג [אַווע III]. ,,דײַן הויז טיר זאָל אַל צײַט אופֿן שטיין... דען ווען די הויז צו איז, דא שעמן זיך דיא געשׂט [= אורחים, אָרעמעלײַט] אַן צו קלאַפּפֿן,,, לט1, מ/ב. ,,איז אָנגעקומען אַ גרויסער אָדלער און האָט אָנגעקלאַפּט אויף דעם טורעם“, מזבֿ, 'מעשׂה מהז, בעטלירס'. ,,אַז עס קומט די צײַט פֿון דאַוונען, קלאַפּן אָן די משרתים אויף זײַן טיר און ער [האַר,,י] גייט אַרויס און דאַוונט מיט זיי מיט אַ מנין,,, שבֿחי האַר,,י, [קעניגסבּער □] יאָר? אויך: אָ, אין פ ל יִי צ ע בּײַם ציִען אויפֿמערקזאַמקייט, בּײַם אַרויסווײַזן גוט־בּרודערשאָפֿט פֿיג. ,,אַן אומרו האָט אין אים

□

אָנגעקלאַפּט,,, עליע שעכטמאַן, אַפֿן שיידוועג, כאַרקאָוו 1930. אויך: אָ, אויפֿן שוואַכן פּונקט, אויפֿן אָדציסק = בּאַרירן עפּעס וואָס איז ניט ניחא. אָ, מיט דער צונג = ריידן, פּלאַפּלען אַ סך.

2. דז פֿיג, אין פֿאַרבּינדונג מיט תּפֿילה, מיט טאָן תּשובֿה. אָ, אין די שערי־שמים. ,,שטייא אויף מײַן גזעלין... קלאַפּ אָן, כלומר טוא

תּשובֿה,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קיט/א. ,,אויבֿ מיר קלאַפּן אָן מיט גבֿעט, זאָלשטו ניט פֿר שטויסן אונזער גבֿעט", מחזור ר"ה ויו,,כּ, הומבֿורג 1721, קו/א. ,,שטיי אויף, אונדזער געטרײַע מוטער רחל, פֿון דײַן קבֿר און קלאַפּ אָן אין די טויערן פֿון רחמים,,,

איין נ.ע ש,,ס תּחנה, פּיעטריקאָוו 1881. ,,אַז מע קלאַפּט אָן — ענט (ענטפֿערט) מען", שוו = א) ווען מע טוט תּפֿילה, מע טוט תּשובֿה, פּועלט מען; בּ) אַז מע שלאָגט אָן פֿאָלגט מען. אויך אָ, אויפֿן ק בֿ ר, בֿעטן

,

דעם נפֿטר (אַ צדיק אָדער עמעצן פֿון דער אייגענער משפּחה) זיך משתּדל צו זײַן פֿאַרן רבֿונושל־עולם, פֿאַרן בּית־דין של־מעלה. "זײַנע בּיטערע זיפֿצער קלאַפֿן אָן אויף זײַן מוטערס קבֿר און דאָרט גיט ער אויס זײַנע געפּין", ח. ש סליווקין, הנודד אָדער דער 'נע ונדניק', וואַרשע תּרנ,,ג.

3. אַ קלאַפּ טאָן און בֿעטן עפּעס פֿאַרלאַנגען

,

עפּעס. אָ, נ אָ ך אַ נדבֿה, נאָך הילף. אָ, אין טישל צוצורופֿן די קעלנערין. ,,דער מלאך

הממונה על החריון קלאַפּט אָן נאָך אַ נשמה,,, פּרץ, 'פּין־דע־סיעקל'.

אָנקלאַפּן

4. אַ קלאַפּ טאָן כּדי עפּעס צו דערגיין, זיך צו דערווי□ן אָדער כּדי געבן צו וויסן. אָ, אָן טעלער: איז ער פֿון האָלץ אָדער פֿון ליים? "אַ בת־קול פֿון הימל וועט אָ, אויף די קבֿרים [בשעת תּחית־המתים] און וועט אָנשרײַען: איר שוכני עפֿר, צוכעט אײַך אויס,,, נוצ II. ,,מוז מען אָ, אָן טאָפּ און הערן זײַן קלאַנ□', □פּרץ, 'מסירת־נפֿש,. אָ, צו סליחות. □ אין לאָדן אַז עס נעצט [= עס ברענט]. פֿיג, אָנמפּ — ,,ס'קלאַפּט אים גאָתיט אָן אינעם געדאַכט אַז צווישן הײַנט און מאָרגן ליגט אַ נאַכט,,, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

5. זיך נאָכפֿרעגן. אומדירעקט אויספֿרעגן, עקזאַמענירן. אָ, א□ן אַ שמועס וואו עס האַלטן בײַ אײַך די תּלמווים. אָ, בײַ די בעלי־מלאָכות פֿאַר וועמען זיי וועלן שטימען. ,,קלאַפּט ער אָן בײַ דעם... קלויז־בחור מכּוח למדנות. הייבט אָן דער בחור צו שיטן ווי אויס אַ זאַק,,, ד. י. זילבערבוש, מענשען און געשעהעניש□ו, ווין

.1931

6. קלאַפּן מיט עפּעס אויף עפּעס. אָ, מיטן פֿוס אָן פּאָדלאָגע. אָ, מיטן שטעקן איבּער די שטאַכעטן פֿון פּאַרקאַן. אָ, מיט אַ פּאָר שטעקעלעך אויפֿן פּײַקל.

7. אָנקומען, דערגרייכן בּיז. אָנשפּאַרן אַזש קיין. אָ, אין ווײַטן און ווילדן צפֿון. □מיר האָבּן זיך געדראַטעוועט מיט נסים און אָנגעקלאַפּט קיין אַרגענטינע,,, שלמה סײַמאָן, ט□וז, .I 19□4 3

אַקוזוו — אין אַויסדרוק: אָ, די גלעזער, די גלעזלעך פֿאַרן טרינקען אַ משקה. [פֿטמ אויסטײַטש. פֿאַרוואָס קלאַפּט מען אָן די גלעזלעך

- .

בּײַם טרינקען משק□? ווײַל פֿון טרינקען האָבּן אַלע גלידער הנאָה: די אויגן זעען, די נאָז פֿילט דעם ריח, די הענט טראָגן צום מויל און בּכלל — משקה צעגייט זיך אין אַלע אבֿרים. נו, און די אויערן? כּדי זיי זאָלן דערהערן, דאַרף מען אָ, די גלעזער. קומט אַ צווייטער תּנא און איז מוסיף: דאָס איז שייך נאָר צו גויִים, אָבּער ייִדן דאַרפֿן ניט אָ, די גלעזער, ווײַל ייִדישע אויערן הערן דאָך די בּרכה.] ,,גיסט אָן די

גלעזער מיט ווײַן און קלאַפּט אָן לחײַם“, ייִז, אַלט־שטאָט..

,

טרוו. 1. צושלאָגן, צוקלאַפּן. אַרויפֿקלאַפּן. אָ, עפּעס אויף אַ וואַנט, אָ, די מזוזה פֿון דער רעכטער זײַט. „ער קלאַפּט אָן אַ אַנדער מזוזה, דאַרף מען אַ ברכה מאַכן„, ספֿר מקור הברכה II, מונקאַטש תּרנ"ה. 2. בײַם טאָן אַן אָרבעט עפּעס אָנשלאָגן, פֿונאַנדערשלאָגן, צעקלאַפּן אע. אָ, מצה־מעל, מצה־פֿאַרפֿעלעך. אָ, גאָגעלעך. אָ אַן איי (אייער) פֿאַרן קוכן. אָ, לעדער נאָכן

,

אויסווייקן. 3. אָנפּלאַפּלען. אָנרעדן אַ סך. אָ, ליגנס, רכילות. *אָ, אַ ק אָ פּ = פֿאַרטומלען, ארדולן. אָ אַ קאָפּ מיט ניט־געשטויגנס.

,

-

„ר'האָט מיר אָנגעקלאַפּט אַ קאָפּ. נודעט, נודעט אויף דער נשמה“, ל. מלאך, אָפּפֿאַל, וואַרשע 22 1.

4. געבן קלעפּ. אָ, די ב ייִ נ ע ר. אָ, אַ

ל ע ד ע ר [אַסאָציאַציע מיטן דרויסנדיקן טייל פֿון גוף]. "טרײַבט אים אַרויס פֿון שול,

אָנקלויב

קלאַפּט אים אָן די זײַטן", שמ"ר, אַ טויטער
בעולס הזה&#xFFFD; ווילנע 1876. 5. בולט באַזיגן
ב&#xFFFD;־ אַ ספּאָרט־פֿאַרמעסט. האָט ,מכבי, זיי אָניי.
געקלאַפּט 1:5. אָ, אַ הינטן.
מיט ז י ך — די כוואַליעס קלאַפּן זיך אָן
אין (אָן) די פֿעלדזן. זיך אָ, אין קאָפּ און
דערמאָנען (זיך עפּעס). "מײַן שאָטן האָט זיך
אַנגעקלאַפּט אָן אַ צווייטן שאָטן", סעג, מײַנע
זיבן יאָר אין תּל־אָבֿיבֿ.
־ונג. —עכ&#xFFFD;ן. &#xFFFD;עניש. ־ער (־ין,
־קע). ערײַ.
אָנקלויב — דער, &#xFFFD;ן. פּ&#xFFFD;: ~קלײַב. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקלויבן. ",גרעסערער אָ,
פֿון פֿאַקטן,,, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט.
פֿאַרזוכן דעם רײַך־געווירציקן אָ, פֿון אונדזער
— "
דורותדיקער קולטור", וואָלף יונין, טמז, 1953

2 □ □ II.

אָנקלויבן — טרוו. קלויב אָן, ~געקליבן. פּפֿ:
~קלייַבן. 1. צוזאַמענקלויבן. קלויבן,
צונויפֿזוכן ביז עס ווערט אַ קאָנטיקע צאָל. אָ, יאַג(ע)־
דעס. אָ, שוועמלעך. אָ, שמאַטעס. „פֿון די פּירות
וואָס מע קלויבט אָן מוז מעז עסן בקדושה“,
סשי II, מה. „איך קלויב אָן די בעסטע
טייטלען“, איין שיינע מע□)ה, זשיטאָמיר 1862.
„זי וועט אָ, אין וואַסער שיינע מושלעס, קליינע
שטיינדלעך“, סעג, 'רייזעלע דעם שוחטס'.

2. איר. אָ, אַ פעקל צרות. אָ, חולאתן. אָ,
אַ בינטל קרענק.

3. געדולדיק, אויסגערעכנט, סיסטעמאַטיש
אָנזאַמלען. אָ, אַ קאָלעקציע בילדער. אָ,
פּאָסטמאַרקעס. אָ אַנטיקן. אָ, גאָלד און זילבער. אָ,
,

אַן עשירות. אָ אַ נדן. אָ אַן אַפּותיקי. אָ,

, ,

כתבֿ־ידן. אָ, אין פושקע פֿאַר ר, מאיר
בעלהנס. אָ, פּאַטשערקעס. „אַנדערע מענטשן זאָלן
זען דאָס עשירות, וועלן זיי קריגן... חשק
אַהער צו גיין אויך עשירות אָנצוקלויבן“,
חײקל הורוויץ, צפֿנת פענח, באַרדיטשעוו 1817.

,,אָנקלאָבן אַן עשירות,,, טעיאַטאָר. .,,וועסט אָ,
נדן כּדבעי, וועל איך דיר אָ, אַן איידעמל“,
פּרץ אָלקסט, געשיכטן. אָ, אויף הלוואַי מע

,
זאָל ניט דאַרפֿן. אָ, אויף שפּעטער, אויף די
עלטערע יאָרן.

4. צונויפֿנעמען אַ צאָל זאַכן אָדער
געדאַנקען וואָס זײַנען נייטיק פֿאַר אַ באַשטימטן
ענין. אָ, ראַיות פֿאַר (קעגן) אַ שיטה. אָ,
באַווײַזן קעגן אָנגעקלאָגטן. אָ, נייטיקע
דאָקומענטן. אָ, אַ פּעקל טענות קעגן....

5. אָנזאַמלען וואָס עס האָט אַ פּראַקטישן
אָדער אַ גײַסטיקן ווערט. אָ, וויסן, חכמה. אָ,
דערפֿאַרונג. אָ אַ רעפּערטואַר.

,
6. צונויפֿנעמען מענטשן פֿאַר עפּעס אַ ציל
דורך אײַנרעדן, צורעדן, איבעררעדן
פֿאַר,
אינטערעסירן. אָ, מאַטראָסן און זיך
אַוועקלאָזן אויף אַן עקספּעדיציע. אָ, מיטבאַטייליקטע
אין אַן אונטערערדישער באַוועגונג. אָ,
וואָלונטירן.

מיט ז י ך — ,,אַ גרויסער עולם קלויבט זיך
אָן,,. ,,ביסלעכווײַז קלויבן זיך אָן פֿאַרדרוסן,

עוולות״. ־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער
־(ין, ־קע). —ערײַ.

1

אַנקלויפֿן פֿטמ. דזוו אַנטלויפֿן. אַ, איז (פֿון)
-----.

בית־מדרש. „אַ מענטש וואָס פֿילט זיך אין חטא
פֿון רציחה דער אַנקלויפֿט אָפֿט ביז אין גרוב
אַרײַן״, מס, משלי תּקע״ד, כח, 17. „ווי גאָט
איז דיר ליב — אַנקלויף פֿון איר אַזוי ווי פֿון
פֿײַער„, וו. און ס. איבז, די מע ה פֿון דעס
שטיקעלע ברויט, זשיטאָמיר 1869.
אָנקלונג — דער, ־ען. אַקט פֿון אָנקלינגען.
אַ שרעקעוודיקער אָ'.
אָנקל אַנ(טש)ען

— טרוו. ־נ

י)ענ(טש)ען.

י טש)ע אָן, ,

געקליאַנ(טש)עט. פּפֿ: ~קל

אַרײַנקריגן, צונויפֿנעמע דורך בעטן זיך,
דורך בעטלען. אָ, שטיקלעך ברויט. אָ,
נדבֿהלעך. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָנקל אַקען — טרוו. ־קע אָן, ~געקליאַקעט.
י

1. אָנפּאַטשקען. אָנשמירן. אָ, אַ גאַנץ זײַטעלע אַז מע זאָל שוין ניט דערקענען דעם אַפּיר. אָ, דריידעלעך און קײַקעלעך. 2. אָנפּלאַפּלען ביז עס ווערט נודנע. אָננודען. "האָט מיר אָנגעקליאַקעט אַ פֿולן קאָפּ, האָט ער מיר". ־עניש.

אָנקליגן — טרוו. קליג אָן, ~געקליגט. באַקומען, אַרײַנקריגן דורך (מיט) קלוגשאַפֿט. „מײַן האָרעוואַניע וואָס איך האָב... אָנגעקליגט ['שחכמתי'] אונטער דער זון", מס קהלת תּקע"ט, ב, 19.

אָנקליוון — טרוו. קליוו אַן, ▯,געקליווט. (דימענטערײַ, בריסל) אָנשפּאַלטן, אָנשנײַדן, אָפּהיטנדיק אַ נאַטירלעכע ליניע פֿון צעטיילן. דער קליווער וועט אָ!. אָ, די קאַפּעס.

אָנקלייב — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט ־▯

פֿון אָנקלײַבן. פּפֿ: ~קלויב (←). „אין הינעראַיי איז אָפּגעלייגט אין געשטאַלט פֿון ווײַסל... אַן אָ, פֿון נער־שטאָפֿן", ד. האָכבערג איבז, אָטאָ שמײַל, געוויקסן, מאָסקווע 1920, ז, 6. אָ־ג ע ל ט — „אַ שווערע אָנקלאַגע קעגן קאַפּיטאַליזם, איבערהויפּט אין זײַן

סטאַדיע פֿון אָ־ג',,, בצג טמז, 18 1955 XI.
אָנקלייבּיק — אַדי. נעאָל. פּפֿ: ~
קלייבּעוו־־ ־
דיק. וואָס מע קען אָנקלייַבּן. אָ'ע
מאַטער אַלן. אָ'ע דוגמאָות פֿאַר (פֿון)....
י
אָנקלייבּן — טרוו. קלייַבּ אָן, ~געקליבּן.
־
פּפֿ: ~קלויבּן (←). צום בּ1: אָ, פּירות. אָ, הושענות. "אָ, גרינס אין פֿעלד", זרעים, סכ/א. ,,ווײנט ניט, יונגע בּלימעלעך, איך האָבּ אײַך אָנגעקליטן ניט מיט אײַך צו פֿרייען זיך", סעג, שטילע טרוימען. צום בּ3: ,,קלייַבּט זיי [די לאַרוועס] אָן אין דער נאַטור", יאַכ I.
צום בּ4: □אָ, פֿ אַ ל ד ן (פֿאַלבּן) = (
שנײַדעריש) צונוי□קנייטשן אין פֿאַלדן און דורכנייען. ,,... אַ מעכאַניזם וואָס זאָל האַלטן אין איין אָ, דאָס צײַג אין פֿאָלדן, כּדי ווען די נאָדל וועט דאָס דורכשטעכן זאָל זיך בּאַקומען אַ נאָט", אַכינטאָן, מיט געניטע הענט, קיִעוו 1925.
□
צום בּ□: ,,איך קען בּײַ דיר ניט בּלייַבּן. כּ'רו בּײַ דיר אַ רגע אָפּ פֿרישע קרעפֿטן

אָנצוקלײַבן‟, אַר, 'דער וואַנדערער'.

מיט ז י ך —. עס ווערט זיך אָ, אַ היפּשע סומע. עס קלײַבט זיך אָן אַ מנין בײַם אָבֿל.

„דער וואַס האָט בטח״ן אויף זײַן עשירות —

אָנקליידן

קלײַבט ער זיך אָן שׂונאים„, איבּז, ר, משה בּר, נתן נטע, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „אָט אַזוי נאַרט זיך די צעלע, ד„ה עס קלײַבט זיך אָן אין איר שטאָף„, דאָס פּפֿלאַנצענלעבּען, וואַרשע 1899. ‟הער איס וואָס ס'קלײַבט זיך אָן בײַ דער פּאַראַליזירטער מאַמע אויפֿן האַרצן‟, אָפּאַ, די טענצערין. „אין סעדל האָט זיך אָנגעקליבן אַ וועלט מיט אַרבּעט„, ה. דאָבין, סאַוו, היימלאַנד, 2 1961, No.

־ונג. ־עכ״ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָנקלייד — דער, ־ן. דאָס וואָס מע טוט אָן אויף זיך. דאָס אין (מיט) וואָס מע קליידט זיך אָן. „איז מײַן אָ, געווען זאַק„, תּי, תּהלים, לה, 13 ['לבֿושי שׂק,].

אָנקליידונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון אָנקליידן. „עס קומט אים ניט אָן גרינג די

אָ, פֿון ווערטער פֿאַר זײַנע אומקלאָרע געדאַנקען„. 2. הלבּשה. „די גערעכטיקייט איז די

אָ, פֿון גאָט„, לויטן מלבי"ם. „מע קע נית אַרײַנקומען צום מלך אין אָ, מיט אַ זאַק„, ישרי לבֿ, ווילנע 1867, כ/ב. „טרוקענע אָ, איז פֿאַר דאָס קינד זייער נוציק און געזונט„, מלכּה בּערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 183.

אָנקליידן — טרוו קלייד אָן, -געקליידט.

1. אַליין אָנטאָן אַ בּגד. אָ אַ שיינעם בּגד

און גיין צו דער שׂמחה. "גרייט ער וואול אַן, דער רשע דיא קליידר, אבּר דר צדיק קלייט עשׂ אַן", סהמ, איובֿ, כז, 17. „איין ז[אַ]ק פֿון ערד וואַרן זיא אַן קליידן פֿון קליין בּיז צו גרושׂי", 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש"ץ, פֿיורדא 1694 [פֿש III]. "האבּ איך נית

בּגערן אַן צו קליידן קליידר דיא גרעשׂר זײַן אַלז מײַן לײַבּ", משה אײַזענשטאַט איבּז, דרך הישר לאבֿן בּוחן, אָרט? 1746. „האָט געמאַכט שיינע קליידער... און האָט זיי אָנגעקליידט פֿאַר דעם מלך", חה, זשיטאָמיר 1848,

נז. ,,האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די ייִדישע
מלבֿושים און האָט אָנגעקליידט פֿריצישע
קליידער, אַ קורצן ראָק מיט לאַנגע פּאַנטעלאָנעס,
אַ מאַנישקע, אַ קאַמעזייל‘‘, דער אָקיזניק,
זשיטאָמיר 1868.

2. אָנטאָן אַ בגד אויף עמעצן. אָ, וואַרעם
די קינדער. מ פּאַרטײַטשט 'הלבישה, (
בראשית, כז, 15): ,,זי האָט אַן גיקלייד,, [תּי.
‘‘זי האָט אָנגעטאָן‘‘]: ‘‘אין דר צײַט דש דר
צדיק קומט [אין גן־עדן] זאָ... קליידט [מען]
אים אַן מיט אַכט קליידר פֿון ענני הכּבֿוד‘‘,
עולם הבא הנקרא בפּי כל ספֿר הגן, אַמשט
תּי‘‘ט. ,,[די ווײַב] האָט אים גרויש גמאַכט
און, אַן גקליידט און, אבֿ גוואשי,,, יוסיפֿון,
פֿיורדא 1764, י/א. ‘‘... וויא מן דיא מתים
זאָל מטהר זײַן און, תּכריכים אַן קליידן‘‘,
ש פֿראַנקפֿורט, סר החיים II, זולצבאַך

תקנ,,א, שער־בלאַט. ,,... האבֿן דן (אליל מרודך)
מיט גרויש (שׂמחה) אַן גיקלייד מיט
קעשׂטליכי קיניגליכי קליידער,,, ר, אַהרן מטריש
סר מצח אַהרן, וואַרשע תּר,,ג.

3. מאַכן, צוגרייטן קליידער. באַקליידן.

אויס

אָנקלייסטערן

קליידן. אָ, דעם חתן, די כלה. „גאָט ב„ה האָט
ישׂראל אַן גיקלייד מיט די שינה זײַדני און,
ווירבל וואלני קליידר“, אַריה לייב זעליגמאַן,
תקוני המועדים פּיורדא 1725. „ער מוז דען
,
פּאטר עשׂין און, טרינקן געבן, אַן קליידן און,
אויש קליידן“, מהמ, אַמשט 1722, קמ/א. „מיר
האָבן דיך אָנגעקליידט אין גאָלד און
בריל אַנטן — און דו קאָנסט זײַן אומדאַנקבאַר,',
,

דער מענשענפֿרײַנד, נ„י 25 1890, No.
4. באַדעקן. אָרומהילן. אַרומכאַפּן. אָ, די
סטאַטוע אין שוואַרצן. "האָט אַ גײַסט פֿון
גאָט אָנגעקליידט גדעונען און ער האָט

געבלאָזן אין שופֿר,,, תּי, שופֿטים, ו, 34. ,,די
נשמה זגט: הויט פֿלייש השׂטו מיך מאַכן אַן

,

□ □ .ידן,,, עפש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו
1796, פּרק א. ,,איך טו אָ, די הימלען מיט
שוואַרצקייט“, חעט, הפֿטרת עקבֿ [ישעיה, נ, □],
זשיטאָמיר 1851. ,,אָט דאָס האָבּ איך אָן מי,
אָן לייד אים אין אַ וואָלקן אָנגעקליידט,,,
מר I.

5. קאָנקרעטיזירן. צוגעבּן אָ פֿאָרעם. אָ,
געדאַנקען אין ווערטער. אָ, ייִדישקייט אין מעשׂים.
,,חסידיש — איז פּרצעס אָ, תּורה אין דעם
לבֿוש פֿון מעשׂיו□ ,,, שנ, דערציילערס און
ראָמאַניסטן I. ,,איך האָבּ געל□ען די ווערטער
פֿון שיר־השירים אָנצוקליידן מיט זיי מײַנע
געדאַנקען“, די געליהענע האַק □יבּז פֿון ש. ג.
הרכּבֿי, ספֿר והוא שאול], באָסטאָן 1911.
,,... האָט די חסידישע מעשׂה און די ווערטער
□ון גרויסע רבּיים אָנגעקליידט אין אַ
פּרעבטיקן ליטעראַרישן לבֿוש,,, צײַט, טמז, 1961
.I□ □ 25□

6 פֿיג. אַרומנעמען מיט אַ געפֿיל. אָ, יראה

-

.

(יראת השם) אין דער נאַכט פֿון יום־כיפּור. „דײַני פֿײַנד ווערן אַן קליידן ש[אַ]נד„, סהמ, איובֿ, ח, 22 [תּי: "דײַנע שׂונאים וועלן זיך אָ, מיט שאַנד"]. „די ביימער פֿון וואַלד... קליידן אָן ציטערניש און זאָגן שירה מיט פֿאָרכט", קה. „הקבּ„ה ווערט אַן קליידן דיא קליידר דער ראַכונ„, מחזור שלש רגליס, אַמשט 1713, קיד/א.

מיט ז י ך — „אין שטאהליין רינגן קליידטן זיא זיך אַן„, שמואל־בוך, סטראָפֿע 1054. „זאָל ער זיך אָ, אַ טלית־קטן, דאָס איז אַ לײַבסערדאַקל אָדער אַן אַרבּע־כּנפֿות מיט ציצית„, רבּינו יונה, איבּז, ספֿר היראה, לבֿובֿ 1851. „וואַר זיך דער בּעל־קבין... אַן קליידן אין איין אַנדרין גוף„, נצ1, יבֿ/א. „די ספֿר־תּורה קליווט זיך אָן אין זאַק און קלאָגט פֿאַר הש„י„, עח, נו/ג. „מײַן נשמה, קלייד זיך אָן מיט שוואַרצקייט איבער דעם איך האָב געזינדיקט פֿאַר דיר„, ר, משה בּר, נתן נטע איבּז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „דײַנע כּהנים זאָלן זיך אָ,

מיט גערעכטיקייט,,, משה אַהרן גליקמאַן
מליקאָווא, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898. ־עכ􏰀ן.
־עניש.
אָנקלייסטערן — טרוו. ־ער אָן, ~
געקלייסטערט. אָנקלעפּן מיט קלייסטער. אָ, דאָס
שטיקל קאַרטאָן. אָ, אַ זויל.

1643
אָנקלייען — טרוו. קליַי(ע) אָן, ~געקליי(ע)ט.
אָנשמירן, אָנקלעפּן מיט קליַי. אָ, פּאַפּיר. אָ, אַ
דין בּרעטל. אָ, אַפֿישן. אויך מיט ז י ך — אָ,
זיך צו עמעצן.
אַנקלייען פֿטמ. דזוו אַנטליַיען (←).
— 􏰀
,,דער טאַטע קומט צו יהושע פֿריידעס אַ, אַ
דריַיערל אויף שבֿת,,, בּערג, בּיַים דניעפּער I.
אָנקלינגלען — אוטוו. ־גל אָן, ~געקלינגלס.
1. מאַכן עס זאָל אַרויסקומען אַ קלאַנג פֿון
אַ גלעקל. ,,האָסט אָנגעקלינגלט, אָבער איך האָבּ
ניט געהערט,,. ,,בּין איך געקומען צו מיַין
פֿעטערס הויז און האָבּ אָנגעקלינגלט“, דר,
אָרשאַנסקי, אַרויסגעבּער, איבּז, שאַמיסאָ, פּרץ
שלומיאל􏰀 וואַרשע 1902. 2. אָנפּלאַפּל􏰀ן מיט

אַ גלעקלדיקער שטים. „ייִנגל מיטן צינגל
קלינגט אָן„. אויך מיט ז י ך.
אָנקלינגען — אוטוו. קלינג אָן, ~געקלונגען.
1. מאַכן (אַ דריק טאָן אָדער אַ צי טאָן) עס
זאָל זיך הערן אַ קלונג. אָ, אין גלעקל. אָ,
אין טיר. אָ, מ י ט ן גלעקל אַז די הפֿסקה
האָט זיך געענדיקט. „ווי אַזוי (אַזוי ווי) מע
קלינגט אָן — אַזוי ענטפֿערט מען„, שוו.
„אַהיים, ליובטשיו, וועל איך דיך אָפּפֿירן,
בײַם גלעקעלע וועסטו אָ'„, פֿל. „דער
באַראָן האָט געוואָלט אָ, צו די דינער זיי
זאָלן אַרײַנקומען„, געשיכטע פֿון איין באַראָן,
לעמבערג 1899. 2. מאַכן עס זאָל זיך
באַקומען אַ קלאַנג (ענלעך צום אָ' ▯ „ס'וועט אַ וואָלקן
אָ, אין מײַן שויב מיטן ערשטן רעגן־טראָפּן„,
רייזל זשיכלינסקי, שווײַגנדיקע טירן. *אָ, אין
באַק = געבן אַ הילכיקן פּאַטש אין באַק.
3. אָנטעלעפֿאָני▯ן. „מיר'ן באַלד אים אָ'. וואָס
אין זײַן נומער?„. 4. אַנשטאָט אָפּקלינגען.
נר. „דער קלאַפּ פֿון דער פּליטע האָט
אָנגעקלונגען אין אָלע ווינקלען„, אָפּאַ, די
טענצערין.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע) —
„דער אָ, הייסט דער טעלעפֿאָנירער„, וואָלף

יונין, טמז, 1962 □18י I. ־ערײַ.

אָנקל□ען — ← אָנטליִען.

אָנקל(□)עפּען — טרוו ־פּע אָן, □..,געקל(י)
ע.

פּעט. אוקר. אָנפֿלאַפּלען מיט אַ הויכער
שטים. אָ, (אַ באַרג) נאַרישקייטן.

אָנקליפּהן זיך — אוטוו. קליפֿה זיך אָן, זיך
~(גע)קליפּהט. אָנטשעפּען זיך. צושטיין ווי
אַ קליפּה, אַ קלעק. ,,וואָס האָסטו זיך
אָנגעקליפּהט אָן מיר? וואָס ווילסטו פֿון מיר?“.

אָנקל סעם — דער. באּ □□ le sam[־]ו.
פּערזאָניפֿיצירונג פֿון דער רעגירונג פֿון די
פֿאַראייניקטע שטאַטן. [ווש מיט די איניצ אַלן
־ ׳

.8□־]ו. אָ, ס, ווערט פֿאָרגעשטעלט ווי אַ הויכער
און דאַרער עלטערער מאַן מיט אַ בלויען ראָק,
הויזן מיט רויט־ווײַסע פּאַסן און אַ צילינדער
מיט שטערן.] ,,וואָס? האָסט אַ סך צוגעלייגט
צום אָ, ס'?“. ,,אַ מיטליעריקער, מיט אַ בערדל ווי
בײַ אָ, ס, [אַ לענגלעך שפּיציק בערדל]...“,
אָפּאַ, היברו. *געהערן צו אָ, ס'ס עס־עס —
געניסן פֿון דער סאָציאַלער □אַרזיכערונג אויף
־

דער עלטער, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן [

עסאָנקלעפּ

עס פֿון t I נ se ial soc], ווערטל בײַ
--

אַנטרונענע פֿון די נאַצישע עס־עס־לײַט.

אָ'־ס'יש — אַדי. „עס שמעקט פֿון אים מי

גאָר אַ סך עכטע אָ,־ס'ישער גראָבּלעכער

פֿיאָנערישקייט„, בּ. ריוקין, גרונט־טענדענ צן..

אָנקלעבּן — לאַנגע ע אין פּד] טרוו. קלעבּ

אָן, ~געקלעבּט. דזוו אָנקלעפּן ←. אָ, אַ

קולקורא. מלל פֿאַרטײַטשט 'צפֿד עורם על עצמם,

(איכה, ד, 8): „אַן גיקלעבּט„ [תּי: „

צוגעקלעפּט„]. „צו שפּײַער [בּײַם געריכט־הויז] ווען

זיא עשׂ אַן קלעבּן„, ווינץ. „ווען איינר העט

אַן זײַנם שוך אַן קלעבּן ערד אודר זאַנד,

טאָר ער ניט זײַן שוך אבּ ווישן [אום שבּ],„

לט1, סז/ז. „מען טאָר אַן יום טובֿ ניט וואַרמן

איין וועקסן ליכט אַז ער זאָל קאַנען אַן
קלעבין,,, עפּש, עץ חיים קיצור של״ה, [לבֿוב], יאָר?
,,הענג דיא מנורה איין טפח פֿ ן דער טיר,
... דיא וואַקשׂ ליכט [די חנוכּה־ליכטלעך] דאָרט
אַן קלעבין,,, ה II, פֿיורדא תפ,,ז. ,,דער
גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געלאָזט אָ, אין אַלע
עקן פֿון די גאַסן מודעות,,, קמ, 40 1864, No.
,,די גאַנצע צײַט וואָס ער איז דאָרטן געזעסן
האָט זי אירע אויגן נאָר אין זײַן געזיכט
אָנגעקלעבט,,, מ. ראַגער, אַ ראָמאַן פֿון דער
קליינשטעטעלדיגער ראַצעלען, וואַרשע 1887.
,,דער מהר,,ל האָט אים [דעם גולם]...
אָפּגעריסן דעם שם, וואָס ער האָט אים
אָנגעקלעבט,,, איין גאַנץ נײַע מע ה פֿון... רבּי
באָרוכיל, נכד של הבע ״ט זצ״ל, לעמבערג
189 .
מיט ז י ך — ,,די מאַרקע קלעבט זיך נישט
אָן,,. ,,אַ שוואַרצער, אַ וויסטער חלום צו דײַן
קאָפּ, צו דײַנע הענט און פֿיס, צו דײַן לײַב
און לעבן, און צו דיר זאָל זיך עס אָ',,, ש.
לעדערער, דער שרעקליכער פֿערברעכער, ווילנע
1897. ־עכץ.
אָנקלעגער — דער, ־ס. ונ ־ין, ־ס. דזוו

אָנקלאָגער. ‟דער אָ, האָט זיך געקאָכט... און איז ממש געשפּרונגען פֿון דער הויט“, נפֿתּלי גראָס, מע t הלעך און משלים. ערײַ.

אָנקלעגערן — ← אָנקלאָגן.

אָנקלעטערן זיך — אוטוו. ־ער זיך אָן, זיך ~געקלעטערט. קלעסערן אַ סך. זיך אָנמאַטערן קלעטערנדיק. אָ, זיך אויף די קאָרפּאַטנבערג.

אָנקלעמען — טרוו. קלעם אָן, ~געקלעמט. אײַנקלעמען. אָננעמען מיט אַ צוואַנג, מיט עפּעס וואָס פֿאַרקלעמט. אָ, דעם הייסן אײַזן. אָ, דאָס קעפּל פֿון נאָגל און אַרויסצִיִען אים. אָ, וועש אויפֿן שטריק.

מיט ז י ך — האָבן אַ סך האַרצווייטיק, גרויס פֿאַרדראָס. שטאַרק זאָרגן זיך און זײַן זייער אומרואיק. אָנלײַדן זיך. אָ, זיך איבער דעם

מאַנס אַוועקפֿאָרן, איבער די קינדערס פֿירן זיך אע.

אָנקלעפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקלעפּן. „דער אָ, פֿון אָזוי פֿיל אַפֿישן

האָט געדויערט אַ מעת־לעת“. אָ'▯ פֿלאַסטער.
אָ'־פּאַפּיר.

אָנק▯Iעפּ(י)ען זיך

אָנקלעפּ(▯)ען זיך — אַוטוו. ־פּ(י)ע זיך אָן,
זיך ▯.,געקלעפּ(י)עט. אוקר ־eדג▯[▯:▯ ▯ <
▯c▯[na'r. זיך אָנטשעפּען, זיך צוטשעפּען,
זיך טשעפּען. ,,וואָס האָסטו זיך אָנגעקלעפּעט
אין מיר און וואָס ווילסטו פֿון מיר האָבן▯“.
“די אײַנבילדונג וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּיעט
בײַ דער מוטער...,,, ק▯ו, 8 l864, No.
־עניש.
אָנקלעפּיק —. אַדי. נעאָל. וואָס קלעפּט זיך
אָן. וואָס מע קען אָנקלעפּן. אָ'ע פּאַפּירלעך.
אָ'ע קרענק.
אָנקלעפּן — טרוו. קלעפּ אָן, ~געקלעפּט.
1. מיט אַ שטאָף וואָס איז קלעפּיק אָנפֿעסטיקן.
צוקלעפּן. אַרויפֿקלעפּן. אָ, אַ מאַרקע. אָ, אַ
מודעה. אָ, אויף דער וואַנט פֿון בית־מדרש אַ
צעטל מיט.... אָ, טרויער־אַנאָנסן. אָ, די
באָרד. אָ, די טאָוולען. ▯אָנגעקלעפּט אַ פּריקאַז
אויף אַלע סלופּעס פֿון שטאָט,,, יב“ק ...

בּערך, רבּי קאָשמאַן דער נעלם, ווילנע תּרנ״ו.

2. אָנבּינדן. אָנטשעפּען. אָנהענגען. אָ, אַ מיאוסן צונאָמען אָ, עמעצן דעם שם פֿון אָ שוֹטה. ״וואָס מע קלעפּ דעם נאַר אָן — איז פֿאַרפֿאַלן״, שוו. אַ נאָמען אויף דעם אָנצוקלעפּן וואָס שלעפּט ווי די לאַנגוויַל זיך נאָך״, מל, 'טרערן'.

3. צוציִען. מיטרײַסן. מיטשלעפּן. „די יוצאימצרים האָבּן אָנגעקלעפּט צו זיך אַן ערבֿ־רבֿ״. ״די פּאַרטיזאַנער האָבּן אָנגעקלעפּט צו זיך די

וואָס האָכּן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון געטאָ„.. „די פּראָצעסיע האָט אָנגעקלעפּט אַרום זיך נײַע און נײַע מענטשן„, בּערג, בּײַם דניעפּער II.

4. פֿיג. צודרינגלעך אָנקוקן עמעצן אָדער עפּעס. אָ, די אוי ן (דעם בּליק) אין (אויף) עמעצן.

מיט ז י ך — ״זאָל נאָר פֿרעמד געלט זיך ניט אָ, אָן זײַנע הענט (פֿינגער)״. אָ, זיך אין אַ בּחור (מיידל). אָ, זיך ווי אַ קלעק. „מיט וואָס מע האַנדלט — דאָס קלעפּט זיך אָן„; „וואו דער

דלות קלעפּט זיך אָן, קען מען אים ניט אַזוי
באַלד פּטור ווערן“, שוו. „זי מיינט אַז עס וועט
זיך אָן איר יחוס עפּעס אָ,,,, געגאַרטע וועלט
1815? „ווען איינער וואַרפּט עפּעס אין רשוו7.
הרבּים... און די זאַך האָט זיך אָנגעקלעפּט
אין וואַנט...,, תּקוני שבּת, אוסטרהא 1818.
„די בּערג... אַנטקעגן די גאַנצע ערד זײַנען
זיי ניט מער ווי אַ זעמדל וואָס קלעפּט זיך אָן
צו אַ פּילקע,,, י“ז בּן־אַריה, אַ וועלט מיט
וועלטעלאך, ווילנע 1894. “לאָזט מיך צו רו
מיט איַערע דאָקטוירים! וואָס האָט איר זיך
אָנגעקלעפּט?“, שע, מאָנאָלאָגן.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש — אויך:
אָנשיקעניש.

אָנקלערן — טרוו. קלער אָן, ~געקלערט.

אָנטראַכטן. „וואָסערע חכמות האָטטו דאָ אָנ
עקלערט?“.

מיט ז י ך — זיך דערטראַכטן צו עפּעס.
נר. רוסיצ. „האָט ער זיך אָנגעקלערט מאָלן
דאָס דאָזיקע בּילד“, איבּז, א. האָלאָווקאַ,
פּראָלאָג, קיִעוו 1935.

אַנקלשטיפּט — דער, ־ן. אײַזערנער שטי
צו עפּענען אַ טירשלאָס [י. טריוואַקס בײַ אונז יודען, וואַרשע 1923].
אָנקנאָבלען — טרוו ־בל אָן, ~געקנאָבלט.
.
אַרײַנטאָן קנאָבל בײַם אָנגרייטן שפּײַז. אָ, צעהאַקט פֿלייש. אָ, דאָס פֿילעכץ פֿון דער קישקע.
אָנקנאַלן — קנאַל אָן, ~געקנאַלט. אוטוו — קנאַלן אַ סך מאָל. אָ, מיט דער בײַטש. אָ, מיט די פֿויסטן אין דער טיר. טרוו — אָנשלאָגן מיט אַ בײַטש, קאַנטשיק אע "ער סאַרדינט
-

מע זאָל אים גוט אָ"".
אָנקנאַקן — טרוו. קנאַק אָן, ~געקנאַקט.
אָנהאַקן. טאָן עפּעס מיט אַ קנאַק, אָדער עס זאָל זיך באַקומען דער עפּעקט פֿון אַ קנאַק.
אָ, העלצלעך. אָ, ניס, אָ, ליגנס, פּוסטע רייד.
אָ, עמעצן די ביינער. אָ, גרויסע געלט־שטראָפֿן. "וויפֿל האָסטו עס מיר אָנגעקנאַקט פּראָדנאַלאָג?", אי. קיפּניס, איבז, אָסטאַפּווישניאַ,

שמייכלען, כאַרקאָוו 1929. אויך אוטוו —
1. אָ, מיט דעם האַמער אויפֿן (איבעון) אײַזן.
אָ, אין שויב. 2. אָנשווינדלען. אָ, אויף
שיינע עטלעכע הונדערטער. מיט ז י ך —
אויך: זיך אָנשיכורן. ־ער — ער איז אַן
אָ אָן אַ נון.

אָנקנוטיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן אַ
קנוט, אָן שמיץ מיט אַ קנוט. "אין דער אָ
אָ'ער רגע צעגיסט זיך אין אַלע דײַנע ביינער
אַ זיסקייט", הל, אַ בלאט אויף אַן עפּלבוים.
אָנקנוטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~
געקנו.
טעוועט. אָנקלאַפּן, אָנשלאָגן מיט אַ קנוט
אע. אָ, ד אַרעסטאַנסן.

אָנקנוילן —. טרוו. קנויל אָן, ~געקנוילט.
מאַכן אַ קנויל. אָנפּלאָנטערן, אָנוויקלען. אָ,
שפּאַגאַט. אָ, אינאיינעם פֿאַרשיידענע
פּראָבלעמען. מיט ז י ו — צרות האָבן זיך
אָנגעקנוילט. "ס'האָט זיך אָנגעקנוילט דער
ווינטער", ד. מ איבז, וו. סטאַווסקי, די סטאַניצע,
מינסק 1931. ־ונג. ־עניש.

אָנקנוס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

□ ון אָנקנופּן. אַ פֿעסטער (לויזער) אָ'. ‟ער וויַזט זעלטן אַן אָ, מיט וואַרעמקייט“, יודקע צדיק, אַמעריקאַנער, 9 1957 X.

אָנקנוסן — טרוו. קנופּ אָן, □ ,געקנופּט.

□ . אָנקניפֿן. אָנבינדן מיט אַ קנופּ. אָ, דאָס שיפֿל צום שטאַנג אויפֿן ברעג. מיט ז י ך — זיך אָ, אָן עמעצן און אים ניט אָפּלאָזן.

אָנקנייטש — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקנייטשן. „צוליב וואָס איז דער אָ?“.

אָנקנייטשן — טרוו. קנייטש אָן, ~ געקנייטשט. 1. אָנמאַכן קנייטשן אין (אויף) עפּעס. אָ, געוואַנט. אָ, אַ זײַטל אין בוך. אָ, דעם ש ט ע ר ן. 2. אָנפֿאַלדעווען. קנייטשן אַ סך (ווי אַ טייל פֿון אַן אַרבעט־פּראָצעס). אָ, די אָפּגעדרוקטע בויגנס פֿאַר בראָשורירן. אויך מיט ז □ ך — „דער שטערן האָט זיך אָנגעקנייטשט“. ‟דאָס קלייד וועט זיך אָ, בײַם זיצן אויף דער האַרטער באַנק“. ־עניש.

אָנקניפּן

אָנקנייפּן — טרוו. קנײַפּ אָן; ~געקנײַפּט,

ـ □

□ ...,געקניפּן. 1. קנײַפּן אָ צ□ל מאָל. אָ, מיידלשע אָרעמס, קינדערשע בּעקלעך. *אָ, די בּאַקן די ם[אַרבּ זאָל שטיין = בּכּיוון אַרויסשטעלן

ـ

(זיך) א□ן אַ בּעסערן מצבֿ ווי עס איז. 2. אָננעמען, אַרויסנעמען מיט די פֿינגער וואָס זײַנען אין דער זעלבּיקער קאָנפֿיגוראַציע ווי בּײַם קנײַפֿן. אָ, דאָס ווייכע פֿון לאַבּן בּרויט. אויך מיט ז י ך — "זי פֿאַרגינט זיך ניט צו קויפֿן אום אַ גרײַצער בּרויט און קנײַפּט זיך אָן, די בּאַקן זאָל זײַן רויט", דער קרימער מאַרשעליק, לעמבּערג 1875. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.

אָנקנינען — [... קי'ניענען'... קאַ'ניענען]

טרוו. איצ, אימפּ נבּ; ~געקנינט. אָנקוי□ן (מיט בּיטול). אָ, מציאות און בּלײַבּן שטעקן מיט זיי.

אָנקניפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקניפּן. דער אָ, פֿון די איבּערגעריסענע בּאַציאונגען.

אָנקניפּלען — טרוו ־פּל אָן, ~געקניפּלט.

.

1. אָנבּינדן מיט אַ קניפּל. אָ, די צעריסענע שוכבּענדלעך. 2. מאַכן אַ צאָל קניפּלעך. אָ, מע זאָל ניט קענען אויסקניפּלען. אָ, דאָס נאָזטיכל און אַרויפֿטאָן אויפֿן קאָפּ. מיט ז י ך — ,,זיך אָנגעקניפּלט מיט די קינדערלעך", פּ. האַלפּער, זאַמלונגען, l2 No.

אָנקניפּן — טרוו. קניפּ אָן, ~געקניפּט.

1. דזוו אָנקנופּן. אָנבּינדן מיט אַ קנופּ. אָ, עטלעכע פֿעדעם. מלל פֿאַרטײַטשט 'וחבשת להם מגבעות, (שמות, כט, 9): ,,אַן קניפֿין" [תּי: ,,אָנבּינדן,,]. "האָט ער זיא אַן גיקניפֿט מיט... אײַזרני קיטן בּהרי חושך", נצ 1, בּמדבּר, ככ/ב. ,,די שנור דען רוטן פֿאדן... זיא אַן קניפֿן אַן דער פֿענשׂטר", סהמ, יהושע, ב, 18. ,,דא פֿאַרן זי אַן דען אינזל אונ קניפּן דאָס שיף אַן", לט1, לז/ב. ,,מע האָט דעם בּריוו אָנגעקניפּט צו די פֿליגל פֿון דעם אויערהאָן", תּרגום שני, אַס 1848. ◻ זוכן אָנצוקניפֿן

אַ פֿאָדעם = זוכן פֿרײַנדשאַפֿט אָדער ווערן ווידער גוטע פֿרײַנד, ווערן אויס בּרוֹגז.

2. (וועבערײַ) פֿאַרקניפּן די פֿעדעם פֿ◻ן דער אויסגעאַרבּעטער קעטע.

3. אָנבּינדן בּכלל. בּאַהעפֿטן. אָ, תּפֿילין. ,,די

תּפֿילה פֿון ישׂראל ווערט אָנגעקניפּט צו גאָט“,
מחזור מן שלש רגלים, סלאַוויטע 1832, קל/א.
„די גראָבּע שטריק דאָס זענען די תּפֿילות,
דורך זיי ווערט דער מענטש אָנגעקניפּט אין
הקבּ„ה„, לט2, לד/ב. „ אָט בּ“ה האָט זי [די
נשמה] אָנגעקניפּט אָן גוף“, קיצור חובֿות
הלבבֿות מיט עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844 'איין
טאָג אין וואָך זאָל ער זיך דערווײַטערן פֿון
לײַטן... און זאָל אָ, אַלע זײַנע געדאַנקען
אין גאָט בּרוך הוא“, נעתּק ונאסף ע“י ר,
ישׂראל ממינסק, אור עולם, ווילנע 1865. „עס
איז געווען בּײַ [די חז“ל] אַ נויטווענדיקייט
אָנצוקניפּן די תּורה צום הײַנט“ אַ. גאָלאָמבּ,
גש III, מעקסיקע 1946.
4 פֿאַרבּינדן. אײַנשטעלן פֿאַרקניפּן
פֿון. . .

אָנקניקן

דאָסנײַ אָנהייבּן עפּעס וואָס איז געוואָרן
איבּערגעריסן. אָ, אַ שמועס. אָ, אַ געשפּרעך. אָ,
בּאציאונגען פֿאַרבּינדונגען. אָ אַ
פֿאַרהעלטע— , ,

ניש. אָ, די אָפּגעריסנקייט. אָ, געשעפֿטן. אָ,
אַ נײַע (נאָענטע) באַקאַנטשאַפֿט. „אבֿיה האָט
אָנגעקניפּט די מ ל ח מה מיט אַ חיל פֿון
מלחמהגבֿורים“, תּי, דבֿרי הימים בֿ, יג, 4 □ „קניפּט אָן
איין בּיטרי קלאָג„, ר, ליבֿ סופֿר בּן ר, חיים חזן
מק“ק פּוזנן, קינות עם פּירוש לשון אַשכּנז,
פֿראָג תס„ט. „אַן צו קניפּן (שׂרין) זײַני ה[אַ]רן
אַן זײַנום לײַבֿ, כּלומר דיא הרן האבֿן אין
[יוספֿן] ליבֿ גיהט„, סהמ, תּהלים, קה, 22.
„די מאָראַל אין קדושה־ווערטער האָ□ן
אָנגעקניפּט אונדזער לשון מיט דער מצווהדיקייט
פֿון אונדזער פֿאָלק„, יג, טמז, 26 □ 1964 II.
מיט ז י ך — אָ, זיך אָן (אין) עמעצן. „ער
האָט זיך אָנגעקניפּט אָן די הייליקע תּורה„,
קח, יב/ב. ־ונג — „דײַן אָ, פֿון אינווייניק„,
הר□ א. ל. בּראַנדיס איבּז, ספֿר □יח ספֿונים,
אַס 1843 ־עכ□ן — „ארץ־ישׂראל און די
י .
ייִדן האָבּן אַ באַהעפֿטונג איינס מיט דעם
אַנדערן און אַן אָ„, ר, יחזקאל ליכטענשטיין,
סופֿר סתּם מגרוצא, דרש ציון, וואַרשע 1900.
מלמדישער טײַטש (פּאָד) 'קשריה, (ירמיה, בֿ,
32): „איר אָ'“ [תּי: □אירע שלייפֿן„]. □עניש.

־ער — וועבּער וואָס קניפּט אָן די פֿעדעם.
אָנקניקן — דזוו אָנקנאַקן. מיטן־גאַליציע. אָ, לײַז אָדער פֿליי.
אָנקנעט — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקנעטן. אַ גרויסער אָ'.
אָנקנעטן — [פּד — לאַנגע ע] טרוו. קנעט אָן; ~געקנאָטן, ~געקנעט. קנעטן אַ סך. אָ, טייג אויף שבתדיקע חלות. אָ, אַ מולטער בּרויט. „און, דיא פּריזאַנטן ווערן אַן גיקנעטן מיט שמאַלץ און, מיט בּוים איל“, תּפֿלה למשה.. , דעסוי 1696, קס/א. „וואָס מען אָנקנעט מיט וואַסער און דערנאָך טוט מען גאַנץ דין וועלגערן — בּורא מיני מזונות“, הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולם, אונגוואַר 1864, כו/ב. אָ, די מויד — וואול דזוו אויסטאַפּן. ־עניש.
אָנקנעלן I — דזוו אָנקנאַלן.
אָנקנעלן II — קנעל אָן, ~געקנעלט. אוטוו — לערנען מיט אָנשטרענגונג. „מיט אַזעלכע. תּלמידים איז ווייניק צו קנעלן, מע דאַרף מיט זיי אָ'„. טרוו — דורכלערנען, אויסלערנען מיט אָנשטרענגונג. אָ, די פּרשה. פֿאַרן עקזאַמען אָ, די טריגאָנאָמעטרישע פֿאָרמלען ־עניש.

.

נעפּל — טרוו ־פּל אָן, ~געקנעפּלט.

ען .

. צוקנעפּלען פֿאַרקנעפּלען. אָ, די

מאַנטע.

אנ

לעך. 2. אָנגייען קנעפּלעך. 3. אָנפֿעסטיקן

הילצערנע קנעפּ ווי אַ צירונג אויף מעבל.

אַנקע — די. מצ נב. hank: >. פּראָסטער,

וואָלוועלער באַוולנער שטאָף. [דער ענגל ב פֿון

אַ מאָס (840 אַרד) איז אין ייִדיש ניטאָ.] „איז

אַ, אויך אַ סחורה?„ (ווערטל ביַי לאָדזשער

וועבערס). „און איר [דער כלה] האָט ער

געגעבן צוועלף איילן אַ, זי זאָל דעם חתן גע ן

אַ מתּנה אויף אַ שבת־מלבוש“, י.

מאָרגענ1

שטערן, ר, מכע פּלאַכטע, ווילנע 1894.

אַנקען — אַדי. אַ'ע הויזן. „... פֿלעג איך

אַן אַנקענע, קאַפּעטע קריגן און אַ פּאָר

ציַי,

גענע הויזן,,, פּ. גודמאַן, אין געשפּאַן, נ‘‘י
.192▯
אַנקעגן   פֿטמ. דזוו אַנטקעגן ←. ,,אַ, מײַן

פֿערד האָבּ איך מיר געפֿילט עפּעס חייבֿ,,, שע,
טבֿיה. ,,איך האָבּ אַ'געצוי▯ן מײַן שווערד‘‘,
בּ. זילבּערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו
.1885
אָנקעטלען — טרוו ־טל אָן, ~געקעטלט.
▯
(וועבערײַ) אָנציִען, אָנטשעפּען. אויסציִען די
קעטע. ,,און די 'קעטלען, אָנגעקעטלט פֿון איין
פֿאַרקאַן צו דעם צווייטן,,, פּ. גודמאַן, אין
געשפּאַן, נ,,י ▯192.
אַנקעט ע — די, ־ס. < איי < פֿר. 1. רשימה
פֿראַגעס, וואָס די ענטפֿערס אויף זיי דאַרפֿן
(קענען) אַנאַליזירט ווערן צוליבֿ עפּעס אַ
צוועק. פֿונאַנדערשיקן, פֿונאַנדערטיילן אַ'ס.
ענטפֿערן אויף אַן אַ'. אויספֿילן אַן אַ'. אַ'־
בּויגן. אַן אַ, צווישן געוועזענע תּלמידים פֿון
ייִדישע שולן. ,,די פֿראַגן וואָס מיר שטעלן
אין דער... אַ, נעמען אַרום פֿאַרשיידענע

קאַטעגאָריעס אומנאָרמאַלע קינדער,,, פֿ.
שניאורסאָהן, די געזעלשאַפֿט, די שול און די
דעפֿעקטיווע קינדער, וואַרשע 1922. 2.
סיסטעמאַטישער אויספֿרעג וועגן אַ געזעלשאַפֿטלעכן,
אַ פּאָליטישן ענין, וועגן מיינונגען,
שטימונגען אע אַן אַ, אויסצוגעפֿינען די פּאָפּולערקייט
פֿון אַ פֿירער. ,,דער ציל פֿון דער אַ, איז געווען
הערן די מיינונגען... וועגן דער הײַנטיקער
ייִד, ליטעראַטור,,, שנ, לעזער, דיכטער,
קריטיקער I.
־יזירן — טרוו. “אין אַן ענגלישן
זשורנאַל ווערט איצט אַנקעטיזירט די פֿראַגע,,, נאַד
—יזירונג.
אָ'נקעליכע — די, ־ס. (שפּאַסיק אָדער מיט
בּיטול) דעם אָנקלס ווײַבּ.
אָנקעם — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנקעמען. אָ, פֿון וואָל.
אָנקעמען — טרוו. קעם אָן, ״י ,,געקעמט. פּפֿ:
~קאַמען. 1. פֿאַרקעמען. בּרענגען אין אַ
באַשטימטער אָרדענונג די האָר. אָ אַ פֿריזור.
,
אָ, אַ קאָקס. אָ, לאָקן. ,,אונדזערע ווילדע
בּחורים — וואָס זיי קעמען נאָר אָן אויף זייערע
קעפּ“, רייד (נ,,י 1968). 2. אַרויסקריגן (און

צונויפֿנעמען) דורך קעמען. אָ, וואָל. אָ, האָר
פֿון זשרעביקס פֿעל.   מיט ז י ך — זיך אָ,
פּאהלעך. ־ונג. ־עניש.
אָנקעמפֿן — אוטוו. קעמף אָן, ~געקעמפֿט.
אַ סך, אַ לענגערע צײַט קעמפֿן. „וואָס מיר
אַלע האָבן דאָרטן אָנגעקעמפֿט אין די יונגע
יאָרן!“.   מיט ז י ך — „געננוג אָנגעקעמפֿט
זיך, צײַט צו ווערן סטאַטעטשנע“. „אָ, זיך
מיט אַלעמען און אַרויסקומען דער זיגער„.
אַנקען — אוטוו. אַנק(ע), געאַנק(ע)ט. קורלאַנד,
זאַמעט. [הגם לויטן אָפּשטאַם גערמאַניש,
געהערט אויך צו דער צווייטער קאָניוגאַציע, אַזוי

אַנקער

ווי אַ ווערב וואָס גיט איבער אַ קלאַנג.]
זיפֿצ(ע)ן, קרעכצ(ע)ן, אָכצען. ־עניש.
אָנקע'נעוודיק — אַדי. נעאָל. וואָס מע קען
דערקענען.   „יענע הויפּטווערטער וואָס האָבן
נישט קיין אויסדריקלעך אָ'ן סופֿיקס„, נפּ,
ייִפֿאַ, 1938, 2.
אָנקע'נען — טרוו. קען אָן, ~געקענט פֿטמ.
.
זן.   דזוו דערקענען. אָנערקענען. „ער איז

געוואָרן אַ גאַנצער לײַט, אָבער איך וויל אים ניט
אָ',,. מיט ז י ך — קזוו.
אָנקעפּיק — אַדי. 1. וואָס איז ניט־באַטראַכט,
טראַכט ניט נאָך, אַזוי ווי אָן אַ קאָפּ. אַן אָ'ער
עולם וואָס גלייבט אין די אַלע לאָזונגען.
2. וואָס מע האָט פֿון דעם אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.
אָ'ע פֿיש ־יקייט — ,,פּוסטקייט...,
אָפּגע.
לאָזנקייט, אָ, אין־דער־אמתן,,, שטערן, מינסק
5 1930, No־▯ .
אָנקעפּלדיק — אַדי. 1. דזוו אָנקעפּיק.
טעמפּע, אָ'ע קינדערלעך, אויסגעוואַקסענע אין
שרעקלעכער אָרעמקייט. 2. וואָס איז אָן
אַ קעפּל. ,,הענגען פֿאַר די פֿיס אָ'ע גענדז,
געפֿליקטע עופֿות,,, פּמ, ראַדיאָ, ־יקייט.

.

אַנקער — דער, ־ס. < האָלענדיש. קליין
פֿעסל, מאָס פֿון פֿליסיקייטן, ספּעצ ווײַן. אַן
אַ, האַלט אַן ערך דרײַ עמער. ברענגען אַן אַ,
ווײַן. ,,אַפֿילו אָ פֿערטל אַ, פּאָרט־ווײַן פֿון
ריגע האָט נישט געפֿעלט“, זשיט. ,,600 אַ,
פֿישטראָן נעמט מען פֿון אים [וואַלפֿיש] אַרויס,,,
י▯)ראָל במוהר“ם [מילער מהורדנאָ], דער מהר“מ
שיף, וואַרשע 1893.

אַנקער — דער, ־ס. < איי < ל, גר. 1.
מכשיר צו פֿאַרהאַלטן דעם גאַנג פֿון אַ
טראַנספּאָרט־מיטל אויפֿן וואַסער. געוויינלעך אַ
שווערער מעטאַלענער האָקן מיט צוויי אָדער
מער שפּיצן וואָס מע לאָזט אַראָפּ אויף אַ קייט
צום גרונט, די שיף זאָל ניט קענען זיך
באַוועגן. וואַרפֿן, אַראָפּלאָזן דעם אַ'. „זי בֿורן
בּישׂ אין דשׂ פּורטה אונ, די אַנקר וואַרפֿן
זי איַין דורטה„, בּבֿא־בּוך, 91. „ער שניד
אבּ איר אַנקיר מיט אירה דיקי זיַלר,
י
כלומר דז זיא קיין קיום האטן אַז איין שיף
דשׂ דיא אַנקיר פֿר לאָרן האָט„, מחזור שלש
רגלים, אַמשט 1713 קנא/ב. „ראָבּינזאָן...
דרייט זיך אום, דערזעט ער דעם אָקרענט
אויף דער אַנדערער זיַיט פֿון דעם אינדזל
אויף דעם אַ, ליגן„, ראָבּינזאָן קראָוזע, וואַרשע
1874. “לידער מיַינע — אַ'ס אין דעם תּהום
פֿאַרלאָרענע„, דא, מיַינע לידער, נ„י 1930.
„מיט אַ בּלוילעכן אויסגעבּרענטן אַ, אויף דער
האָריקער בּיינערדיקער האַנט“, ייִז, שטאָל און
איַיזן אַ'־פּ ל אַ ץ — “יעדן בּאַזונדער האָט עס
געצויגן... צום אַ'־פּ„ צו זייער ציל, נאָך
ארץ־ישׂראל„, יהל, די קאָלאָניסטן I , וואַרשע

1899. אַ'־גרונט. אַ,־צייכן. ,,שוואַרצלען זיך פֿון ווײַט געשטאַלטן אַ'־גלאָקן האַלבּ

--

באַהאַלטן“, יהואָש, 'אויפֿן ים'. אַ,־האָלץ.

אַ'־האָקן. אַ'־קלאָץ. אַ'־קאַבּל. אָ'־קייט

אַ'־שטריק.

אָנקער

אַ'־ג ע ל ט — אָפּצאָל פֿון אַ שיף פֿאַרן מעגן אַרײַנ אָון אין אַ האַוון.

2. (זייגערמאַכערײַ) מיניאַטור העמערל וואָס קלאַפּט אין מעכאַניזם פֿון אַ האַנטזייגער, נלעך צו אַן אַנקער. פֿון איין זײַט איז דער אַ, באַהאָפֿטן מיטן אַ'־ר ע ד ל — און פֿון דער צווייטער זײַט מיטן באַלאַנס־רעדל. אַ'־ג אָ פּ ל — זעט אויס ווי אַ גאָפּעלע מיט צוויי 'פֿינגער, וואָס צווישן זיי האַלט זיך דער שטיפֿט פֿון באַלאַנס־רעדל. אַ'־ש ט יִ ן — איינער פֿון די צוויי שטיפֿסן פֿון אַ, — אַ 'געבּער, און אַ נעמער, [בּשעת איין שטיפֿט קומט אַרײַן צווישן די ציינדלעך פֿונעם אַ'־רעדל, קומט דער צווייטער שטיפֿט אַרויס, און אַזוי רעגולירט דער

אַ, דעם גאַנג פֿונעם אַ'־רעדל].
3. טאַפּערס בײַ ים־באַשעפֿענישן זיך צוצופֿעסטיקן צום גרונט אָדער צו אַ פֿעלדז.
אָנקער 1 — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקערן I. אַן אָ, פֿון מיסט
אָנקער ll — דער. מצ נבֿ שײַכות. באַציאונג פֿארהעלטעניש. דאָס וואָס קער(ט) זיך
-
.
אָן מיט (צו) עפּעס אָדער עמעצן. געניצט אין: ה אָ בּ ן אַן אָ', געוויינלעך מיט נ י ט האָבּן קיין אַ.. ניט האָבּן קיין אָ, מיט די רײַכע קרובֿים. „בּיידע זײַנען אויסגעטאָן פֿון וועלבער עס איז פֿאָרגאַנגענהייט און האָבּן ניט וועלכן עס איז י דיש־געשיכטלעכן אָ'“, מ. דאַנציס, טאָג, 21 1942 II.
אָ'נקעריק — אַדי אָנגעהעריק. וואָס האָט אַ שײַכות, אַן אָנקער. וואָס קערט זיך אָן. אָ'ע לאַנדסלײַט. צוויי אָ'ע היפּאָטעזן ־יקייט —
.
ניטאָ דאָ קיין שום אָ'.
אַנקערן — טרוו ־ער, געאַנקערט. 1. מאַכן

אַ שיף אומבּאַוועגלעך דורך אַראָפּלאָזן אַן

אַנקער צום גרונט. „ער האָט זיך
אַנידערגעשטעלט מיט זײַן שיף און האָט די שיף
געאַנקערט„, נחבֿ, 'מעשׂה מבֿערגיר והעני„ [לז/בּ].
„מיר וועלן אַוועקגיין מיט דער שיף אַן ערך
צוויי אָדער דרײַ ווערסט, דערנאָך וועל איך
אַ, די שיף“, חוסן ישועות, וואַרשע 1879.
„ענטפֿערט אים דער קאַפּיטאַן, איך וויל דאָ
אַ, די שיף, ווײַל די כוואַליעס שלאָגן זייער
שטאַרק, און איך קען ניט אַ, מחמת עס איז
זייער טיף צו דעם גרונט„, הרבֿ ר, שניאור
זלמן ש חי הרבֿ, וואַרשע 1913.

2. פֿיג. אויך אוטוו. זיך בּאַזעצן אין רו.

זיך פֿאַרלאָזן אויף עפּעס אָדער עמעצ. אַ,
אין דער ערשטער בעסטער אַכסניה. “עס ווילן
ווינטן זיך ניט צוימען און ניט אַ',„
כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924. „דאָס גאַנצע אָלק
מיט פֿרומער האָפֿענונג זיך קלאַמערט אין
דעם כּהן־גדול זײַנעם, און אַנקערט זײַן
געדאַנק אין דיר“, יהואָש, 'הורקנס'. „וועןס
אַנ,
קערט דער עכאָ אין האַרץ פֿון אַ שטערן, דאַן
ווייס איך...„, י. מאַניק, אין טריט פֿון דײַן
וואַנדער.

אָנקערן 1 — טרוו. קער אָן, ~געקערט.
1. קערן אַ סך. גענוג אָנגעקערט הײַנט.
2. צונויפֿקערן. צונויפֿשאַרן מיט אַ בּעזעם

6

אָדער מיט יעדער אַנדער מיטל בּײַם קערן.
אָ, היי און שטרוי, וואָס איז צעוואָרפֿן איבּערן
הויף. אָ, אין אַ ווינקעלע דאָס מיסט. 3.
אָנשיטן, אַקעגנשיטן. "דער ווינט קערט אָן אויף
אונדזער זײַט גאַס הויפֿנס שניי (די
אַראָפּגעפֿאַלענע בּלעטער),,.. ,,לײַכטער אַרויסצורירן
זיך פֿון די בּערג זאַמד וואָס האָט אָנגעקערט
קעגן אונדז,,, אמד, דיא וויסטענײַא זאַהאַראַ,
ווילנע 1868.
4 פֿאַרקירעווען פֿאַרדרייען. אָ, אויף אַ
זײַ. .
ט(יק געסל). אָ, דעם קאָפּ אין אַ זײַט. 5.
אָנבייגן. אײַנבּייגן. אָ, דעם סאַמאָוואַר און
אויסצאַפּן בּיזן לעצטן טראָפּן וואַסער.
6. (שנײַדעריש) איבּערקערן פֿון דער
רעכטער זײַט אויף דער לינקער. אָ, דעם
אונטערשלאַק.
7. אַרכ. אָנווענדן. ,,דו זולשׂט... אַן קערן

וו״ץ און, זין,,, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 1466.
8. שטיפֿן, אָנגעבּן. ,,וואָס חבֿרה האָבּן דאָ אָנגעקערט״.

מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון וועג. ״שניי קערט זיך אָן אין גרויסע בּערג,,.

אָנקערן II — אוטוו. דזוו אָנקערן זיך. ←
דוווו. 1. האָבּן אַ קרובֿישאַפֿט־פֿאַרבּינדונג. ״ער האָט אים אָנגעקערט אַן עלטערפֿעטער״. ,,דער פֿויזנער מגיד האָט אָנגעקערט איר געשוועסטערקינד אַ בּאַרדיטשעווער חזן״, עט, סערקעלע. ,,צי האָט ער איר טאַקע אָנגעקערט אַן אמתער פֿעטער?״, מ. דלוגאַטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881. ״די בּאָבּע דאָלצע האָט אים אָנגעקערט אַ לייַבּלעכע מומע״, ממוס, ווינטשפֿ. ,,איר מאַמע וואָס האָט חתונה געהאַט... און... אַוועקגעפֿאָרן פֿון איר אויף אייבּיק, ווי זי וואָלט איר אָנגעקערט אַ פֿרעמדע״, שע, ,שיר השירים׳. ,,נאָר פֿאַרטיזאַנער האָבּן זי בּאַקומען ליבּ, ווי אָנגעקערט זיי וואָלטן ווירקלעך אַלע זין איר״, פּמ, מלחמה I. [דאָ — אַן אייגנאַרטיקע קאָנסטרוקציע: די בּאַצייכענונג פֿון קרובֿישאַפֿט אין נאָמינאַטיוו, די פּערזאָן אין דאַטיוו.] *ער קערט מיר אָן אַ גנבֿ = איך האַלט אַז ער איז אַ גנבֿ (אויך: זשוליק,

ליגנער).
2. אָנגיין, אָנרירן. „דער גאַנצער עסק קערט מיר ניט אָן„. „.... גלײַך דער כענטניק וואָלט איר אויף אַן אמת עפּעס אָנגעקערט„,
בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער.
אָנקערן זיך — ← דפֿוו. 1. האָבּן אַ קרובֿישאַפֿט־פֿאַרבּינדונג. „מיר הייסן טאַקע בּיידע הימלפֿאַרבּ, אָבּער מיר קערן זיך ניט אָן“.
אָ, זיך מ י ט עמעצן פֿערדס פֿוס, פּאָדקעווענאָגל = זײַן גאָר ווײַטע (און דערווײַטערטע) קרובֿים, אַזוי אויך. פֿערדס פֿוס, פּאָדקעוועס
.
טשוועקלס קעפּל; פֿערדס פֿוס, פּאָדקעוועס אייניקל. אָ, זיך אַ יאָקל בּפֿלעקל; אָ, זיך יאַנקל אייניקל אַזש פֿון זיידן אַבֿרהם. „בּעסער זיך אָ, מיט דער רבּיצן אײדער מיטן רבֿ“, שוו. „איך האָבּ עס תּמיד פֿון מײַן פֿאָטער געהערט אַז דער צדיק האָט זיך מיט אונדז אָנגעקערט„, עט, משלים „די יִדענע הנ„ל האָט זיך

אָנגעאָנקערן זיך

קערט מיט הצדיק..., זי איז געווען אַ ווײַטע

קרובָֿה,,, נסים ונפֿלאות, אָרט? יאָר? ,,איך קער מיך אָן מיט אײַך אַ שני בשלישי“, שע, טבֿיה.

,,איך קער מיך אָן מיט אײַך שטיקלעך אײגענע,,, שע, 'מיסטער גרין'.

2. האָבּן אַ שײַכות, אַ פֿאַרבּינדונג. עס קער זיך מיט מיר ניט אָן. *וואָס קער זיך אָן לאָקש מיט בּוידעם? *וואָס קער זיך אָן אַתּה־הראַית צו אַ מחלוקת? *וואָס קער זיך אָן אָ קילע מיט אַ בּרית = אײנס האָט ניט (דאַרף ניט האָבּן) קײן שײַכות מיט דאָס צווייטע. ,,□חיה מיטן מאָגן קערן זיך ניט אָן,,, שוו [= דער מקור פֿאַר פּרנסה איז קלענער ווי די בּאַדערפֿענישן]. ,,קער זיך ניט אָן מיט קרובֿים, קער זיך אָן מיט דײַנסגלײַכן,,. זיך אָ, נאָר מיטן אײגענעם קרײַז. ,,קערט איר אײַך מיט זיי גאָרנישט אָן, האָבּ איך אײַך ווידער אָזוי ליבּ ווי פֿריִער,,, יפּ. ,,וואָס קער זיך אָן אַ שנאַפּס און אַ רעטשאַניק מיט חסידות? און וואָס קער זיך אָן אַ ניס מיט אַ צי בּײַם אויער?,,, ייִל□ וועלט לוח, אַדעס תּרמ,,ג. ,,איך קער זיך שוין ניט אָן מיט גלופּסק, איך וויל שו□ן ניט קענען די דאָרטיקע ייִדעלעך“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.

,,וואָס קער זיך אָן מיט אײַך... אַ לאַנד וואָס

ליגט ערגעץ פֿאַרשטעקט... אין אַפֿריקע?‘‘,
שע, קליינע מענטשעלעך.... „לײַדער מיינט
ער בתמימות אַז ער און די 'ייִדישקייט, קערן
זיך איינע די אַנדערע ניט אָן„, זשיט X, נ„י
1919. ‘‘ווען דער שמועס האָט זיך אָנגעקערט
צו אים, האָט ער אַ מורמל געטאָן‘‘, ט.
קאַמינסקי, אַ בּיאָגראַפֿיע פֿון אַ יע)ראָל־קלען,
קיִעוו 1913.
3. אינטערעסירן זיך. זאָרגן זיך. זיך (ניט)
אָ, מיט די אייגענע קינדער. אַ, זיך מיט דער
גאַנצער וועלט. זיך אָ, מיט דער אַגדה. קיינער
קער זיך מיט אים ניט אָן. „דעשׂ קויניגשׂ
בּיטן קורט זיך גוט יתבּרך ניט אַן„,
שמואלבּוך, סטראָפֿע 721. „ולוכן [פֿלוכן] אוצר...

שווערן — זא זול זיך אַך נימנט אַן קערן‘‘,
ס□ר חיי עולם פֿרײַבּורג 1583 [נש פֿש II].

‘‘דר זעלבּגר תּלמיד קערט זיך ניקשׂ אַן זײַן
רבּי רמבּ„ן זײַני ריד‘‘, קה פֿיורדא 1743, י׳ב.

„ווי פֿאַסט אַז דער מוֹשל זאָל זיך מיט דעם
רובֿ פֿאָלק גאָרניט אָ‘‘, ק□ו, 9 1862, No. „מײַן

נשמה איז ווי אַ שותּפֿותדיקע דירה וואו יעדער שכן קער זיך ניט אָן מיט דעם צווייטן“, ממוס, „בישיבֿה של מטה'. „וואָס זאָלסט ניט טאָן, קערט די וועלט מיט דיר זיך אָן ווי מיט יענעמס שטיין“, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

4. זײַן אַ פֿרײַנד, אַ חבֿר. אָ, זיך נאָר מיט די אַמאָליקע שול־חבֿרים. אָ, זיך מיט דער גאַנצער כּנופֿיא. גוייִם וואָס קערן זיך אָן מיט ייִדן. אָ, זיך מיט דער אייגענער כאַמולע. „מע זאָל זײַן אַן ענוו און מע זאָל זיך אָ, מיט לײַטן„, הרבֿ י. געלבֿאַרט, ספֿר מעמtה אָבֿות, ווילנע 1880.

5. קערעווען זיך. נר. „פֿון זײַן געלט וואָלסטו געוואָלט וויסן אָדער אָ, זיך דערמיט„, בֿ. בֿעקעדמאַנן, זבֿ, דער יודישער שפּועגעל, וואַרשע 1865.

אָ'נקערנדיק

־עכ▯ן — משפּחה־אָ'. “אויבֿ אָ', קער זיך ל. שאַפּיראָ אָן מיט פּרצן„, ש. ביקל, טמז, 12 7▯19 XI.

־עניש — „כלערליי מינים נאָענטע און ווײַטע אָ'ן„, ש. ביקל, שרײַבֿער פֿון מײַן דור I.

אָ'נקערנדיק — אַדי. נעאַל. וואָס האָט ניט
קיין קערן (קיין תּוך). אָ'ע לערן־פּראָגראַם.
־יקייט — „די ליידיקייט און די אָ, פֿו אָזאַ
ייִדישקייט„, ימ, קוד, 1939.
אָ'נקע'רנערדיק — אַדי. וואָס האָט ניט
קיין קערנער. אָ'ע מאַראַנצן. ־יקייט.
אָנקערעווען — ־רעווע אָן, ~געקערעוועט.
פּפֿ: ~קירעווען. אוטוו — דזוו
אָנקירעווען ←. טרוו פֿאַרקערעווען. מאַכן בײַטן

די ריכטונג. אָ, דעם וואָגן אין אַן אַנדער זײַט.
אָ, דעם שטראָם אויף צו באַוואַסערן פֿעלדער.
„איידער ער קען זי דערכאַפּן און אָ־ זי וואוהין
ער וויל“, ווײַס I, 'פֿון רבינס שטוב'. אויך
מיט ז י ך.
אָ'נקע'רפּערדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
קערפּער. אָ'ע אַבסטראַקציעס. אָ'ע גײַסטער.
־יקייט.
אָנקראַטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~
געקראַ.
טעוועט. דזוו ~גראַטעווען. מאַכן, אָנבויען
קראַטקעס, גראַטקעס. אָ, די פּאָליצע, די כּלים
זאָלן ניט אָראָפּפֿאַלן. אָ, די פֿענצטער, מע זאָל
ניט צעברעכן די שויבן.

אָנקראָטען — טרוו ־טע אָן, ..,געקראָטעט.

.

אָנדרייען אַ הענטל פֿון אַן אַלטמאָדישן טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט. ,,מײַן חבֿרה־מאַן איז באַלד צוגעלאָפֿן צום טעלעפֿאָן און האָט אים עטלעכע מאָל אָנגעקראָטעט — קראָ־קראָ־קראָ, געכאַפּט די טרובקע און צוגעלייגט צום אויער“, דער לאָדזער סוחר, באַרדיטשעוו 1910.

אָנקראַך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנקראַכן. דער כּסדרדיקער אָ, פֿון דער קאַנאָנאַדע. אַן אָ, ווי אַ באָמבע וואָלט אויס־געריסן.

אָנקראָכמאַל(ע)ען

— טרוו. ־ל(י)עט. ־עוועז.

~ ,

געקראָכמאַל(י)עט. פּפֿ: ~קראָכמאַ י אַרײַנגעבן קראָכמאַל בײַם וואַשן. מאַכן שטײַף מיט קראָכמאַל. אָ, די העמדער. אָ, וועש.

אָנקראָ'כמעלן — קראָכמ(ע)ל אָן, ~ געקראָכמ(ע)לט. דזוו דפֿוו.

אָנקראַכן — אוטוו. קראַך אָן, .־,געקראַכט.

1. אַרויסברענגען אַ סך הילכיקע פֿאַרטויבן,

דיקע קלעפּ. די קאַנאָנאַדע האָט אָנגעקראַכט
פֿון סאַמע בּאַגינען. 2. אָנקומען מיט גרויס
געפּילדער.

אָנקראָמען — טרוו. קראָם אָן, י'געקראָמט.
לאָקל (מאָהילעוו, מינסק). אָנוואַרפֿן.
אויסשסעלן אין אַן אומאָרדענונג. אָ, נאָזטיכלעך
מיט סקאַרפּעסקעס. אָ, אַלטע צײַטונגען.

אָנקראַנגלען — טרוו. ־גל אָן, ~געקראַנגלט.
(טריקמאַכער) אָנדרייען, אָנציִען
פֿאַרשטאַר.
קן די דריי־קראַפֿט. היפּוך פֿון אויסקראַנגלען,
.348 .

אָנקראַנצן — טרוו. קראַנץ אָן, ~געקראַנצט.
בּאַקראַנצן. אָנטאָן אַ קראַנץ (קרענץ). אָ, די
זיגערס. אָ, די טיר. אָ, דעם מאָנומענט. אויך
מיט ז י ך.

אָנקראָפּן — טרוו. קראָפּ אָן, ...,געקראָפּט.
1. אָנשטאָפּן בּײַם פֿיטערן. אָ, אינדיקעס אויף
פֿסח. 2. אָנפֿילן ביזן מאַכן פֿעסט, שטײַף.
אָ, דעם זאַק מיט וועש. אָ, דעם שטרויזאַק.

אָנקראַפּען 1 — אוטוו ־פּע אָן, ~געקראַפּעט.
פּפֿ: ~קראָפּען. אויך: ,קראָפּליען.

אָנטריפֿן. אָנקאַפּען. עס קראַפּעט ביסלעכווײַז אָן
אין עמער.
אָנקראַפּען ll — טרוו. ־פּע אָן, ~געקראַפּעט.
סל. אָנשמירן, אָנדראַקען, אָנקריצן. „איז
עס ניט פֿון די גרינגע זאַכן איבערלייענען
וואָס אַן אַרעסטאַנט קען אָ, אויף אַ צינענער
טעלער,„ אי. קיפּניס איבז, מאַרק טוען,
העקלבערי פּין, קיִעוו 1929.

▯

אָנקראַסטיק — אַדי. וואָס איז אָן קראַפֿט.
קראַפֿטלאָז. אָ'ע באַמיאונגען.
אָנקראַצן — טרוו. קראַץ אָן, ~געקראַצט.
1. אָנרײַבן, אַרומרײַבן מיט נעגל (פֿינגער)
בײַם וועלן באַפֿרײַען פֿון אַ בײַסעניש. אָ, דעם
רוקן. 2. אָנמאַכן אַ סליאַד מי▯ן קראַצן.
א, רויטע פֿלעקן אויפֿן רוקן. אָ אַ וואונד. אָ,
,

▯

דאָס פּאָלירטע טישל. 3. אָנגראַווירן.
אָנקריצן. אָ, די איניציאַלן. אָ, אַ בלימעלע.

4. אַרויסקראַצן. אָ, פֿאַרבֿ פֿון די ווענט. אָ, פֿאַרטריקנט פֿעטס □פֿון דער פּאַטעלניע. 5. צונויפֿזוכן. אָ, פֿון אַלע ווינקעלעך פֿאַרגעסענע זאַ□ן. 6. אָנגנבֿענען. „מע קאָן דאָרט [אין קלויסטער] אָ, בײַ אַ פּוד זילבֿער... און דעמאָלט וועלן מיר אָפּציִען,„ איבֿז, אי. מיקיטענקאָ, פֿרילינג, ק□עוו 1935. 7. שלעכט, אומקלאָר אָנשרײַבֿן. אָ, אַן אונטערשריפֿט מע זאָל ניט קענען איבֿערלייענען. אויך מיט ז י ך.

־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אָנקראַקען — דזוו אָנקאַרקען.

אָנקרוטש(ק)ען — טרוו. ־טש(ק)ע אָן, ~ געקרוטש(ק)עט. אָנדרייען קרוטשקעס.

אָנזשוליקן. אָ, געווינסן אין (בײַ) קאָרטנשפּיל. אָ, א□ן זיך אָפּטראָגן.

אָנקרויזן — טרוו. קרויז אָן, ~געקרויזט.

אָנגרײַזלען. אָנמאַכן גרײַזעלעך, לעקלעך. אָ, אַ קאָפּ האָר. אָ אַ חתימה. מיט ז י ך — ,

"אָרײַנגעגאַנגען צו דער שייטלמאַכערין און זיך אָנגעקרויזט בײַ איר די האָר„, ירחמיאל גרין, באַרג־ייִדן, וואַרשע 1938. ־עניש.

אָנקרוינען —־ טרוו. קרוין אָן, ~געקרוינט.

פּפֿ: ~קריי נען. 1. אָרויפֿטאָן, אַרויפֿלייגן
אַ קרוין. אָ, דעם נײַעם מלך. אָ, ספֿר־תּורהס.
,,די דרײַצנטע בּרבה איז (עוטר ישׂראל
בּתפֿארה) — ער טוט אָ, די ישׂראל מיט שיינקייט,,,
מקור הבּרכה II, מונקאַטש תרנ,,ה. ,,בײַ די
שיינע רויטע ייִדעלעך איז נפֿטר געוואָ ן דער
מלך. זוכן זיי אַ וואַזשנעם פּאַרשוין
אָנצוקרוינען אים די קרוין,,, יעקבֿ פֿרידמאַן, די

אָנקריטיקירן

לעגענדע נח גרין. 2. בּאַצירן (אַזוי ווי מיט
אַ קרוין). אָ, מיט אַ לאָרבּערקראַנץ. מיט
ז י ך — זיך אָ, מיט אייגנלויבּ. ־ונג.
אָנקריגן — טרוו. קריג אָן; ~געקראָגן, ~
געקריגן (פּד). 1. קריגן אַ סך, פֿאַרשיידנס.
אָ אַ גאַנצן פֿאַרמעגן. אָ, הלוואָות. אָ, נײַע

,

קונים. אָ, בּאַגריסונגען פֿון דער גאַנצער וועלט.
,, מיט דעם] בּיסל בּראָנפֿן... מאַכן דעם
רעכטן קנאַק. דאָ קריגט מען אָן חסידות אַ
פֿולן פּאַק״, טעיאַטאָר. ,,אַלע פֿערד זײַנען

מײַנע. משה האָט זיי אָנגעקריגן בּחצי־חינם", אַפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ.

2. בּאַקומ ן. אַרײַנקריגן. קריגן מיט אַן אָנשטרענגונג. אָ, דעם חובֿ. אָ, דעם צוזאָג, דעם יאָ. „בּאַשטימט אַ צײַט אַז זי זאָל בּײַ איר פֿאָטער דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן אָ, און זיי זאָלן אַוועק„, אַמעריקאַנישע גליקען, וואַרשע 1895. „ער זאָל אָ, דעם שליסל פֿון קלייט... אַז מע זאָל... אַרויסגנבֿענען די גאַנצע סחורה„, ש. בּעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ"ג. „אָז זי וועט אים [דאָס בּיכל] נאָר אָ,..., וועט זי זיך געוויס צוכאַפּן צו אים ווי צו אַ טײַערן שאַץ", חובֿבֿ, אי ן נײַע מעטאָדע..., ווילנע 1881 (1883?). „ער האָט אַן אויג געוואָרפֿן אויף דער זייפֿן־זידערײַ, א ן ער וועט זי טאַקע אָ, אויך", שמעון האָראָנטשיק, ,גאָטס משפּט'. "דער שטייגער פֿון אַ קראַנקן מענטש... אַז ער קריגט אָן אַ מענטשן... זיך אויסרעדן זײַן שווער האַרץ", מע tזיות נוראים [פֿון ראַדזימינער רבּין], פּיעטריקאָוו תּרע„ד.

3. אָרײַנקריגן אין די הענט אַרײַן (נאָכן נאָכיאָגן זיך נאָך עמעצן) כּדי זיך

אָפּצורעכענען, עפּעס פּוֹעלן. „האָט אַחאָבֿ געזאָגט צו אליהון: האָסט מיך אָנגעקריגן ['המצאתני,], שׂונא מײַנער?„, תּי, מלכים א, כא, 20. „וואַרט, איך וועל דיך שוין אָ'„, אַ שיינע היסטאָריע

ון די פּרינצעסין עדינאַ, וואַרשע 1885. „האָבֿן איר צוגעזאָגט ליבע און געטרײַשאַפֿט. זיי האָבֿן זי נאָר געוואָלט אָ'„, י. פּערלע, גילדענע פּאַווע ''ווען איך וואָלט אים יעצט אָ„, וואָלט איך אים באַגראָבֿן לעבֿעדיקערהייט„, גאָדיל קערשענקאָרין, דער טיראַנישער פֿעטער.., וואַרשע .188

אויך מיט ז י ך — זיך אָ, פֿאַרשידנס.

אָנקריגן זיך — אוטוו. קריג זיך אָן, זיך ~געקריגט. אַ לענגערע צײַט האָבֿן קריגערײַען (און אויפֿהערן). אָ, זיך מיט אַלע שכנות. זיך שוין גענוג אָנגעקריגט, צײַט שלום צו מאַכן.

אָנקריוודען — אוטוו & טרוו ־דע אָן, ~ גע

קריוודעט. טאָן אַ סך עוולות. קריוודען אַ לענגערע צײַט. אָ, דעם אָרעמאַן. אָ, די (דער) אָרעמע(ר) פֿרוי.

אָ'נקריזיסדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ

קריזיס. אַ רואיקע אָ'ע אַנטוויקלונג
אָנקריטיקירן — טרוו. ־קיר אָן, ~(גע)
קריטיקירט. קריטיקירן אַ צאָל, אָ לענגערע צײַט.
,,ווען ער האָט שוין אַלץ אָנקריטיקירט במשך
פֿון די לעצטע צוואַנציק יאָר,,.

אָנקרײַדלען
אָנקרײַדלען — טרוו. ־דל אָן, ~געקרײַדלט.
אָנצייכענען מיט אַ קרײַדל. אָ, צייכנס, פֿיגורן.
אָנקריידן — טרוו. קרײַד אָן, ~געקרײַדט.
-
פּפֿ: ~קרייטן. אָנשמירן מיט קרײַד.

אָנצייכענען מיט קרײַד. אָ, אַ ליניע אויפֿן טאָוול.
אָ, אויפֿן רעקל אַ מיאוס וואָרט. אָ, און
צושנײַדן.
אָנקרייזלען — טרוו ־זל אָן, ~געקרײַזלט.
—
.
דזוו אָנגרײַזלען, אָנקרויזן אין קליינע
קרײַזעלעך, גרײַזעלעך. אָ, די האָר. מיט ז י ך.
אָנקרייזן — טרוו. קרײַז אָן, ~געקרײַזט.
.
אָנמאַכן קרײַזן. אָנצייכענען אין פֿאָרעם פֿון
קרײַ ן. אָ, די סטאַטיסטישע טאַבעלעס.

אָ'נקרייטיק — אַדי. ⁦ ⁦ e⁦ e⁦]־Mhd: un.

1. ניט־אימון. וואָס צו דעם קלעפּט זיך גרינג צו אַ קרענק. וואָס איז גענייגט קראַנק צו ווערן. אַ ציטערדיקער, אַ שוואַכער, אַן אָ'ער. ,,דער מענטש איז צו פּילערליי שלימזל אויף דער וועלט אָ,‟, מס, קהלת תּקע‟ט, ח, 6. ‟אויסגעזעצט (... אָדער אָ') צו ⁦ ילע קראַנקייטן‟, אמד. ‟מיט דעם וואָס מע שוועכט דעם גוף..., איז מען גיכער אָ, עס זאָלן זיך צוטשעפּען אַלע אַרט קראַנקייטן,,, ייִפּאָל, 1884, No 29.

2. שפּירעוודיק. וואָס רופּט (קען אַרויסרופֿן) אַ ווייטיק. ‟ער האָט זיך צעשריִען ווען מע האָט אָנגערירט זײַן אָ⁦ן אָרט‟. ,,נאָכן לייענען עטלעכע שעה ווערן מיר די אויגן אָ'‟. ,,איך ווייס ניט פֿאַרוואָס מײַן לינקע האַנט איז מיר געוואָרן אָ'‟. ,,קינדער מיט אַן אָ'ער (עמפּינדלעכער) הויט... רייניקט מען ניט מיט וואַסער, נאָר מיט אויל‟ פֿגעז, ווילנע 4 1925, No.

,

3. וואָס האַלט זיך קוים־קוים. וואָס האַלט בײַם אײַנפֿאַלן. אַן אָ'ע וואַנט. ,,וועט אײַך זײַן די דאָזיקע זינד אַזוי ווי אַן אָ'ער בראָך ['כּפּרץ

נופֿל']“, תּי, ישעיה, ל, 13. „עס וועט נאָך אַ שטיקל שטוקאַטורע אַראָפּפֿאַלן פֿון דער סטעליע... דאָס גאַנצע געבײַדע איז אָ'“, קמ 40 8 18, No.

4. וואָס קען קאַליע ווערן. וואָס איז אַ ביסל מכולה געוואָרן. אָ'ע סחורה. אָ'ע פּירות. “דאָס אָ'ע פֿלייש האָט מען פֿאַרקויפֿט אין דער קאַזאַרמע„.

5. (היפּער)סענסיטיוו. שפּירעוודיק אין גײַסטיקן זינען. וואָס איז צו יחסנדיק בײַ זיך. צו איבערקלײַבעריש. וואָס רעאַגירט צו שטאַרק. זײַן אָ, אויפֿן אייגענעם כּבֿוד. זײַן אָ, און זיך ניט צורירן צום עסן וואָס געפֿעלט ניט. „זײַ ניט אַזוי שטשעפּעטילנע, אַזוי אָ'„. „זײַ ניט אַזוי אָ„ שפּרינג ניט גלײַך פֿון דער הויט!„. „דער קליגערער איז אַלץ מער אָ', דורך די קלענסטע דומהייט קען ער באַקומען אַ ווייטיק„, מש“ש מפּאָניוויעז, דער רחמנות, ווילנע

1882, כד. “פֿאַרוואָס איז ער בײַ זיך אַזוי אָ,

אַז מע טאָר אים ניט הייסן ווײַזן די ציצית?,,,
חג צמח אַטלאַס I.
פֿאַראַן אויך פֿטם — אָנקרייטעוודיק.
אָנקרייטן — דזוו אָנקרײַדן ←. אויך:
--
~קרײַטעווען. ,,... האָט

אָנגעקרײַטע1643

וועט דעם שפּיץ שטעקן און פֿונאַנדערגעטריבּן
מיט אַ ממזרישן קלאַפּ די בּאַלן,,, אַ.
קאַרפּינאָוויטש, בּײַם ווילנער דורכהויף, ת,,אָ 1967.
אויך מיט ז י ך — *קרײַט זיך אָן די צונג —
האַלט ס'מויל.
אָנקריינען — דזוו אָנקרוינען. ,,זאָלסט געבּיטן
צו דײַנע מלאָכים אַז זיי זאָלן מיך אָ, מיט אַ
קרו◌ן פֿון שאָנקייט'', איין נײַע שס תּחנה,
תּחנה לשבֿועות, פּיעטריקאָוו 1881. מיט
ז י ך — ''דיא ליסטיגן קלוגן לײַט (יכתּרן)
טוען אַן קרינן זיך פֿר איין קרון דען זין,,,
סהמ, משלי, יד, 18 [תּי: ''בּאַקריינען זיך מיט
קענטשאַפּט'']. ''ער זאָל זיך מאַכן אַ קרוין
אויס אונדזער תּפֿילה א◌ן זאָל זיך דערמיט
אָ'', מחזור לראש השנה, סלאַוויטע 1832.

אָנקרייען — קריי אָן, ~געקרייט. אוטון — אָנהייבן קרייען, אַ קריי טאָן אָדער קרייען אַ סך. אָ, פֿאַרן באַגינען. "הינטער אים [דעם אויוון] די הענדלעך קוואַקען, גייען אַ קאָן. ווען איך דאַרף צו דער אַרבעט, קרייען זיי מיר אָן„, ל. ק. [קוויטקאָ] און בּ. קי־ן איבּז, וויטרוסישע לידעלאַך און מײַסעלאַך. טרוו — עפּעס אויסדריקן, אָנזאָגן מיטן קרייען. אָ, דעם באַגינען. „צעבּייזערט זיך שרעקלעך אונדזער האָן, גאָטס שטראָף און פֿורענות קרייט ער אָן", ממוס, שירה אויך מיט ז י ך.

אָנקריכן — אוטוו. קריך אָן, בּ י [וועגן ה אָ בּ ← אויסקריכן] ~געקראָכן. 1. קריכן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, אין אַלע לעכער, איבּער בוידעמס. 2. קומען צו קריכן פֿון פֿאַרשיידענע ערטער. עס זײַנען אָנגעקראָכן ווערעם צום הויפֿן מיסט. מיט ז י ך — גענוג אָ, זיך איבּער (אויף) די טרעפּ ־עניש.

.

־ערײַ.

אָנקרימסלען — ← אָנגרימפּלען.

אָנקריניען — טרוו. ־ניע אָן, ~געקריניעט.

פּפֿ: ~קרעניען. מג. []e[][]:   ..

1. אָנבּייגן אין אַ זײַט. אָנדרייען עפּעס וואָס

איז פֿאַלש. "האָסט מײַן בידנע לעבן
אָנגעקריניעט", י טיגער, דער צדיק און דער
בעלתשובֿה. 2. אָנוואַרפֿן אין אַן אומאָרדענונג.
אָנחזירן. אָ, ווי אין אַ חזיר־שטאַל.

אָנקריץ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנקריצן. אַ טיפֿער אָ..

אָנקריצלען — טרוו. ־צל אָן, ~געקריצלט.
מאַכן קליינע קריצן. אָ אַ בלימעלע אויפֿן
,
(אין) דער מעשענער פּלאַטע. אויך פֿיג. „העד
מײַן געבעט... דוא זאָלשׂט אונשׂ אַן
קריצלין אונ, שרײַבן צום לעבן", מחזור ר"ה ויו"כ,
הומבורג 1721, רנ/א.

אָנקריצן — טרוו. קריץ אָן, ~געקריצס.
מאַכן מיט אַ שאַרפֿן אינסטרומענט קריצן,
צייכנס אויף מעטאַל (האָלץ, שטיי□ן). אָ, די
איניציאַלן. אָ, אויף דער מצבֿה פֿינגער וואָס דוכנען,
ווײַל דער נפֿטר איז געווען אַ כּהן. „מע טאָר
ניט אָ, אין לײַב אותיות און אָנפֿילן מיט טינט
אָדער פֿאַרב", ספֿר המצוות, ווראָנאָוו נ, ט', 1935.
"אַלע תּנועות פֿון דעם מענטשן... ווערן
אָנגעקריצט אויף דעם הימל", ר, משה בר, נתן

אנקת־מסלדיך

נטע, איבֿז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833.
־עכץ. ־עניש. ־ער. ־ערײַ.
אָנקרישלען — טרוו. ־של אָן, ~געקרישלט.
פּפֿ: ~קרישען. אָנמאַכן אָדער אָנוואַרפֿן
קרישקעס, בּרעקלעך. אָ, חלה אויפֿן טישטעך.
מיט ז י ך — „אָט ווי מע זאָל ניט זײַן
אָפּגעהיט, קרישעט זיך פֿאָרט אָן“ —עניש.
.
אָ'נקרנדיק — [... קערנ...] אַדי. וואָס איז
אָן אַ (האָט ניט קיין) קרן, גרונטקאַפּיטאַל. אַן
אָ, געשעפֿט האַלט זיך פֿון אסתּר־תּענית בּיז
פֿורים. ־יקייט.
אָנקרעכצן — אוטוו. קרעכץ אָן, ~
געקרעכצט. אויך: ~קרעכצעז. אַ סך, אַ
לענגערע צײַט קרעכצן. אָ, אַ פֿולן קאָפּ. אָ,
דעם גאַנצן אָוונט. אָ, פֿון צאָנווייטיק. מיט
ז י ך — אָ, זיך אי בּײַם אויפֿשטיין אי בּײַם
לייגן זיך. —עניש. ־ערײַ.
אָנקרעמפּן — טרוו. קרעמפּ אָן, ~געקרעמפּט.
אָנציִען, צונויפֿציִען. צונויפֿבּײַלן. מאַכן עס
זאָל זײַן אַזוי ווי אין אַ קראַמף. אָ, די פֿויסטן.
אָ, די מוסקלען.
אָנקרעמפּעווען — טרוו ־פּעווע אָן, ~

גע

.

קרעמפֿעוועט. שטאַרק אָנפֿעסטיקן. אָנבינדן מיט דיקע שטריק. אָ, די שיף צום באָרטן.

אָנקרענקען — קרענק אָן, ~געקרענקט.

אוטוו — קרענקען אַ לענגערע צײַט. טרוו — פֿאַרשאַפֿן אַ סך קרענקונגען. אָ, טאַטע־מאַמע. געוויינלעך מיט ז י ך — אָ, (זיך) אַ פּאָר יאָר און אויסגיין ווי אַ ליכט. אָ, (זיך) און פֿאַרקרענקען אַלץ וואָס מע פֿאַרמאָגט. ־עניש.

-

אָנקרעסטיקן — טרוו ־טיק אָן, ~ געקרעפֿ

טיקט. 1. אָנפֿעסטיקן. אָ, אַ געדאַנק מיט גוטע ראַיות. 2. מאַכן קרעפֿטיק. אָ, דעם קראַנקן מיט אַ ספּעציעלער דיִעטע. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אָנקרעציקן — טרוו ־ציק אָן, ~געקרעציקט.

.

1. מאַכן עס זאָלן ווערן קרעץ. לעב􏰀 ביזן
האַלדז אין ברוד און אָ, די הענט און די צורה.
2. אָנשטעקן מיט אַ קרעציקער קראַנקייט.
"ער, ער האָט זי דאָס אַזוי שיין
אָנגעקרעציקט„. 3. אויך אוטוו. אָנברענגען שמוץ.
אָ, אין שטוב. אָ, די שטוב. אויך מיט ז י ך.
אָ'נקשיותדיק — [... קאַשיעס...] אַדי. נעאָל.
וואָס איז אָן קשיות. "עס פעלט אים די אָ'ע
פאָלקס־ממשות און פאָלקס־נשמה", ש. ביקל,
שר􏰀.בער פון מײַן דור I.
אנקת־מסלדיך — [ענקאַס מע'סאַלדעכאָ]
פראַזע 'ווייגעשריי פון די וואָס פאָרכטן פאַר
דיר'. נאַמען און אָנהייב פון אַ פיוט וואָס מע
זאָגט פסוקימווײַז מיט אַ טראַדיציאָנעלן ניגון
יום־כיפור צו נעילה. גענוצט מיט בב: 1. ס'איז
ביטער, טרויעריק. "שלעכטע געשעפטן, ס'איז
א'־מ"". „שרײַ א'־מ, אַז דאָס שרײַען העלפט
ניט". 2. ס'איז אָן האָפענונג. „א,־מ, —
ס'איז שוין נאָך אַלעמען„. 3. שפּאַסיק.
"א'־מ, — קאָשקעלע פריי זיך" (= ס'איז
נעילה און באַלד וועט זיך אויסלאָזן דער
תעני􏰀). „א'־מ', מע האָט דיך געפירט אין

אָנראַבּירן

באָד אַרײַן". „לייג צו אַ ביסל א־מ, מיט אַ
ביסל הימל־שטויב" (װוע מע פֿרעגט אַן עצה
פֿאַר צאָנווייטיק), גבֿריאל ווײַסמאַן,
אילוסטרירטער װאָכנבלאַט, ת„אָ, 30 IX 1949.
אָנראַבּירן — טרוו ־יר אָן, ~(גע)ראַבּירט.

דזוו אָנראַבעוועז (←). אַרײַנקריגן געלט אָדער
ווערטזאַכן איבּערגוואַלד. אָ, ייִדיש האָבּ־
אונגוטס. אויך מיט ז י ך — „גענוג שוין זיך
אָנראַבּירט!". ־ונג.
אָנראַבּליען — ← אָנגראַבּליען.
אָנראַבּעוען — טרוו. ־עווע אָן, ~
געראַבּעוועט. 1. דזוו אָנראַבּירן (←) נאָר מיט אַ
בּײַטעם אַז עס איז אַ געדויערנדיקער און
כסדרדיקער פּראָצעס. אָ, אָן אַ שיעור אין די מהומות
פֿון בּירגערקריג. אויך מיט ז י ך — "די
קאָזאַק... וואַרן אַלע גרויסע עשירים פֿון
די פֿיל רויב וואָס זיי האָבּן זיך אָנגעראַבּעוועט
פֿון די ייִדן און פֿון די שׂרים", א רו, ספּורי
גזירות ת"ח ות"ט, ווילנע 1862.
2. אומיושרדיק אָנזאַמלען עשירות (

אומגעזעצלעך, קוואַזיגעזעצלעך און אויך
געזעצלעך, אויסנוצנדיק אייגענע מאַכט און דעם
צווייטנס שווערע סיטואַציע). אָ, אוֹצרות
מיט געבן הלוואָות אויף געשוואָלענע
פּראָצענטער. „דער בעל־טאַקסע האָט אָנגעראַבעוועט
פֿאַר זיך און זײַנע אַרויסהעלפֿערס קלייטן און
מויערן“ פֿלעגן פֿאַרקויפֿן צו ייִדישע
פּאַראַ. „
זיטן די מאַכט אײַנצומאָנען... שטײַערן...
און דיזע מאַכט האָט די באַנדע באַנוצט בדלות
צו שטעלן זייערע 'ברידער'... און
אָנצוראַבעוועוען פֿאַר זיך גרויסע רײַכטימער„, ב
פֿײַגענ.

בוים, דוא גאולה. ‏□., נ„י 1893.
אָנראָטן — [ו אין פּד, אוקר] אוטוו & טרוו
ראָט אָן, ~געראָטן. [פּפֿ: ~ראַטן, נר.]
1. געבן אַן עצה. אָ, זיך איבערצובעטן. אָ,
אַ שותּפֿות. „אום דען קינג פֿון די ערבֿיים
אַן צו ראַטן קיגן אים צו שטרײַטן“, שאַר
2. שטאַרק רעקאָמענדירן, נאַרײַען. אָ, דעם
קרובֿ אויף אַ שטעל. “... פֿון אונטר שידליכה
יובעלירדרשׂ דאצו אַן גראַטין ווערדי„, אגרת
שלמה, ח/א. 3. פֿירלייגן. אָנבאָטז. צורעדן.

אָ, עפּעס צו קויפֿן. אָ, צו שלעכטס (גוטס).
אָנראַטשקען זיך — אוטוו ־קע זיך אָן, זיך
.
~גערראַטשקעט. אָנקריכן זיך (געווײנלעך
ווערגן אַ קינד וואָס קריכט אַרום, אָבער קען
נאָך ניט גיין). אָ, זיך אין אַלע ווינקעלעך.
אָ, זיך אויף אַלע ?יר.
אָנראַיהדיק — אַדי. וואָס האָט ניט, וואָס
ס'איז ניטאָ דערויף קיין ראַיה. אָ'ע
באַשולדיקונג. ־יקייט.
אָנראָיען — טרוו. ראָיע אָן, ~געראָיעט. פּפּ:
~ר?ען. סל. אָנגראָבן. אָ, קאַנאַוועס פֿאַרן
רעגנוואַסער. מיט ז י ך — אָ, זיך אין
יענעמס צרות.
אָנראָלן — טרוו. ראָל אָן, ~געראָלט.
אָנוויקלען, אָנדרייען אין אַ קנויל. אָנקײַקלען.
אָ, טוך אין אַ באַל. אָ, דעם טעפּעך, מע זאָל
אים קענען אַרויסטראָגן. אָ, פֿאַפּיר. אָ, די
מגילה.

1?49

אָנראַנגלען זיך — אוטוו. ־גל זיך אָן, זיך

~גערא͏ַנגלט. 1. רא͏ַנגלען זיך אַ לענגערע צײַט, איבערגענוג (בײַם פֿאַרמעסטן זיך מיט עמעצן). 2. אַזוי אויך מיט זיך גופֿא (בײַם ווען גובֿר זײַן אַן אייגענע נייגונג, שוואַכקייט, אומזיכערקייט אע). אָ, זיך ביז מע קומט צו אַ באַשלוס. אָ, זיך צו באַפֿרײַען זיך פֿון תּאווה. זן: ~רא͏ַנגלען — טרוו נעאָל.

דערגרייכן עפּעס דורך רא͏ַנגלענישן מיט זיך אָדער מיט דער סבֿיבֿה. אָ, מוט. „ אויסדערוויילטע יחידים, וועלכע האָבן אָנגערא͏ַנגלט אין זיך גענוג נשמה־ליכט", ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַאיקער.

אָנראָנדז(י)ען — טרוו ־דז(י)ע אָן, ~ גע.

ראָנדז(י)עט. פּפּ: ~ראָנדזשען. סל. אוקר. אָנשטעלן אין אַ אָרדענונג. אײַנשטעלן אין אַ סדר. אָ, די כּלים אויף די פּאָליצעס.

אָנראָסטן — אוטוו. ראָסט אָן, ~גערא͏ָסט. אַ ביסל פֿאַרזשאַווערט ווערן. "די בלעכן וועלן אָ, אין רעגן„.

אָנראָפּען — טרוו ־פּע אָן, ~גערא͏ָפּעט. אָנגיסן מיט ראָפּע. איבערזאַלצן. אָ, יויך מע זאָל ניט קענען נעמען אין מויל. אָ, די מילכיקע לאָקשן.

אָנראַצן — טרוו ראַץ אָן, □.־,גערֹאַצט. 1.
מאַכן אַ לײַכטן קאַרבֿ, קריץ, אײַנשניט א□ן אַ
האַרטער זאַך (שטיין, שטאָל אע). אָ אַ
צייכע,
נונג פֿאַרן גראַווירער. אָ אַ גראַווירונג. 2. דזוו
,

-

אָנקראַצן.
אָנראָצן — טרוו. ראָץ אָן, ~געראָצט.
אָנשנײַצן. אָנבֿרודיקן מיטן ראָץ. אָ, די אַרבל.
אָ, די נײַע קאַפּאָטע.
אָנראָשטש(י□)ען — טרוו. ראָשטש(ינ)ע אָן,
~געראָשטש(ינ)עט. אָנזײַערן (וועגן טייג).
אָ, אַ מולטער.
אָנרגזנען זיך — [... ראַג'זענען] אוטוו. רגזן
זיך אָן, זיך ~גערגזנט. אַרײַנקומען אין
אַ שטימונג פֿון רוגזא און דאָס אַרויסוויַזן.
אָ, זיך א ו י ף אַ נאָענסן מענטשן און אים
אויסרעדן למאַי....
אָנרוגזן — [... רויגעזן] טרוו. רוֹגז אָן, ~

גערוֹגזט. מאַכן אַז עמעצער זאָל ווערן אין
כּעס, בּרוֹגז. אַרײַנבּרענגען אין אַ רוגזא. אָ,
דעם אַלטן פֿעטער מיט עפּעס אַן אומשולדיק
וואָרט. אָ אַ פֿרײַנד מיט שטעכווערטלעך.

,

מיט ז י ך — זיך אָ, ווי אַן אָרעמע מומע אויף
אַ רײַכער חתונה. "זיך גענוג אָנגעדאגהט,
אָנגערוֹגזט, איבּערגעליטן,,, ימtראל וואַקסער. ,,האָט
זיך אָנגערוֹגזט, פֿול מיט צער געוואָרן", האַל,
מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.
אָנרודלען — ־דל אָן, ~גערודלט. אוטוו —
אָנמאַכן אַ טומל, אַ גערודער. אָ, בּײַ אַ רואיקן
צונויפֿקום און אָנמאַכן אַ גאַנצע חתונה.
אַקוזוו — דזוו אָנמאַכן אַ ווינט. אָ,
פֿאַנטאַסטישע פּלענער. אָ, ווי אַ מנחם־מענדל. טרוו —
מיט אַ גערודער, מיט אַ רודלערײַ עפּעס
אָנמאַכן. אָ אַ קריגערײַ, אַ נײַעם סכסוך אע.

,

מיט ז י ך — "וויי וואָס עס האָט זיך דאָרטן
אָנגערודלט,, פֿרגל מיט דוווו —עניש.

.

אָנרויכערן

אָנרודעווען — ־עווע אָן ~גערודעוועט.
טרוו — 1. דזוו אָנגרודעווען. 2. אָנאַרבעטן, פֿאַרשיידענע בכֿ. 3. זיך מיִען אַרײַנצוקריגן פֿאַר זיך וואָס מער (מיט טומלעניש, קריגערײַ אע). אָ, חי קאַק סערעבראָם. אָ, אַ לעבן־לאַנג און שטאַרן אַ קבצן. אוטוו — דזון אָנרודלען. פֿרגל מיט דפֿוו.
אָנרודערן — אוטוו ־ער אָן, י.,גערודערט.
.
1. אָנפֿאָרן, צופֿאָרן אויף אַ שיפֿל מיט רודערס. אָ, צום ברעג און אַראָפּלאָזן עמעצן. 2. אָנמאַכן אַ גערודער. 3. טרוו. לאָקל (לענטשיץ, פּוילן). אָנראָשטשען, מאַכן עס זאָל יערן. מיט ז י ך — זיך אָנמאַטערן, זיך אָ'.

-

אָנרודסן — [... רוידעפֿן] טרוו. רודף אָן, ~גערודפֿט. רודפֿן אַ לענגערע צײַט. ,,ער האָט מיך גענוג אָנגערודפֿט ביז איך האָב

געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל„.
אָ'נרווהדיק — אַדי דזוו אומרווחדיק (←
662).
אָנרוזען — טרוו ־זע אָן, ~גערוזעט. סל.
.
דזוו אָנגרוזען. אָנלאָדן. אָ, אַ וואַגאָן. אָ,
קלעצער, שטיינער, תּבֿואה אאַזוו.
אָנרוזשן — טרוו. רוזש אָן, ~גערוזשט.
אָנשמירן מיט רוזש, מיט רויטער פֿאַרבּ. אָ, די
ליפּן. אויך: ~רוזשירן.
אָנרויבּיקייט — מיטן בּ אָנגערויבּטקייט,
אין יוסיפֿון, אמשט 1661, שכא/ב: „ער מוכטי
איבּר פֿאַרן און אלי פֿאָרכט... פֿאַר דעם
פֿײַנד אונ, א ן אַלי בּילײדיגונג אונ,
אונרויבּיקייט„
אָנרויבּן — טרוו. רויבּ אָן, ,גערויבּט.
(גרונטוואָרט פֿאַר) אָנראַבּעווען, אָנראַבּירן. אָ,
אַ פֿאַרמעגן. אויסקרענקען וואָס מע האָט
אָנגערויבּט. אָ, יענעמס פּראַצע. „אַצינד וועט ער
שוין מיט גאָטס הילף אויסבּרעכן וואָס ער
האָט אָנגערויבּט דורך פֿיל יאָרן„, מ. מ.
אויזערקיס, דער פּריוואַטלעהרער III, דראָהאָבּיטש
1898. „די אוצרות גאָלד וואָס דו האָסט
אָנגערויבּט, דײַן שווערד וואָס איז בּײַ דיר אַזוי

באַגלייבט‘‘, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.
מיט ז י ך — „אַליין רויבט מען זיך אָן, מע גזלט, מע הרגעט, קליידער פֿאַר פֿרעמד געלט קויפֿט מען זיך‘‘, בערג, אַרום וואָקזאַל ־ונג

.

— מ t פֿאַרטײַטשט 'או בגזל, (ויקרא, ה, 21): „אַן רויבונג‘‘ [תּי: „אַ גזלה„].
אָנרויטל ז. מאַכן עס זאָל ווערן אַ ביסל
— טרוו ־טל אָן, ~גערויטלט. פּפֿ.

.

~רייט
רויט, רויטלעד. ‘‘זי האָט געהאַט זיך צוגעפּודערט און אָנגערויטלט די ליפּן‘‘, באַש, פֿאָר, 24 1967 II. אויך: ~רויטן. מיט ז י ך — ס'פּנים רויטלט זיך אָן.
אָ'נרויכיק — אַדי. וואָס איז אָן רויך, וואָס גיט ניט אַרויס קיין רויך. אָ'ע באַהייצונג מיט אייל. אָ'ער פּ ו ל וו ע ר.
אָנרויכערן — טרוו. ־ער אָן, ~גערויכערט.
←. אָנרייכערן. „די מלחמה האָט אָנגערויכערט מיט איר דונץ און אַכזריות די שטאָט און די

אָנרוימען

געסלעך“, יוסף אָקרוטני, אונזער אָרים ברויט,
וואַרשע 1936. אויך מיט ז י ך.
אָנרוימען — טרוו רוים אָן, ~גערוימט. אַ
ביסל אויפֿרוימען, נאָר אויבנאויף, לפֿנים וועגן.
אָ, די צימערן, ווײַל עס קומען באַלד געסט.
„זי קען נאָר אָ', ווען איך זי מער ניט נעמען
אויפֿצורוימען דאָס הויז„.
אָנרוישן — אוטוו. רויש אָן, ~גערוישט.
אָנטומלען. אָנמאַכן אַ גערויש. „די הויכבאַן
רוישט אָן און פֿאַררוישט דעם קאָפּ“.
אָנרומפּלען — אוטוו ־פּל אָן, ~גערומפּלט.
אָנמאַכן אַ רומפּל, אַ האַרמידער, אַ הו־האַ. אָ,
ווי בײַ (אויף) אַ חתונה.
אָנרונצלען — אַקוזוו ־צל אָן, ~גערונצלט.
קומט מיטן אָביעקט: דעם ש ט ע ר ן. מאַכן
קנייטשן אויפֿן שטערן.
אָנרוסן — טרוו רוס אָן, ~גערוסט.
אָנשמירן מיט רוס, סאַזשע. אָ, דאָס פּנים כּדי
אויסצוזען ווי אַ שד. געווײנלעך מיט ז י ך.
אָנרוף; — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָנרופֿן. אַן אָ, פֿון אַ ווײַטער שטאָט.
טעלעפֿאָנישער אָ'. אַ הילכיקער אָ, פֿון צווייטן
ברעג. 2. דאָס געבן אַ נאָמען, אַ

באַצייכענונג. געפֿינען אַן אַנדער אָ'. „מיט איין אָ, רופֿט מען אָן נאָר איין זאַך. איין זאַך, ווידער, ווערט אָנגערופֿן נאָר מיט איין אָ'", מ. שעכטער, ייִשפּ I, 3 XX. „דער 'ראַבײַ, איז געוואָרן דער רבֿ אין אַמעריקע... דאַרף מען אים געבֿן דעם ייִדישן אָ',,, בצג, טמז, 8 1964 I.

אָנרוסונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנרופֿן. „זײַן בונד האָט ער אויף דיא ערד גיגרונד פֿעסט, דיא היך פֿון איר באַלקן האָט ער גיבעלקנט דורך דיא אַן רופֿונג גאָטשׂ,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, סו/א. „קיין שום טעאָרעטישע קאָנסטרוקציע אין נאָך מיט דער דאָזיקער אָ, ניט פֿארבונדן", מוו איבז פֿרויד, פּסיכאָאַנאַליז.

—
,

אָנרופֿיק — אַדי נעאָל. וואָס מע קען (לאָזט

זיך) אָנרופֿן. געפֿינען פֿאַר די געוויקסן אָ'ע
נעמען. אָ'ער ז אַ ך פֿון דעם טיפּ: דאָט
איז אַ.... „אינעם 5טן קלאַס ווייסט מען...
אינגאַנצן ניט: אָ'ער זאַך", אַ ן שפּראַכפּראָנט
קיִעוו 3 ,1935־4.
אָנרופֿן — טרוו רוף אָן, ~גערופֿן. 1. געבן,
באַשטימען אַ נאָמען. אָ, דאָס קינד נאָכן
עלטערזי דן. אָ, די פּיעסע: ,דער ייִדישער קיניג ליר,.
אָ, די פֿירמע: 'די הײַנטיקע למד־וואָוו'. 2.
באַצייכענען עמעצן אָדער עפּעס מיט אַ באַשטימטן
נאָמען. אָ, דעם שולדיקן, דעם עדות אע. אָ, די
קאַנדידאַטן. „ער רופֿט זי אָן בײַ איר נאָמען
און בעט זי אַן אַנטוואָרט צו געבן" פֿל. "דאָס
,
מזל פֿון אייר ווערט אָנגערופֿן אַן אָקס", נחב,
,מעשׂה נסים'. „די חכמה פֿון געזאַנג וואָס זי
ווערט אָנגערופֿן מוזיקא", חה „דיזע י דן
ווערן אָנגערופֿן אין שפּאַניש מיט דעם נאָמען
מאַראַנען און אין ייִדיש רו ט מען זיי אַנוסים",
אמד, טויט שרעקעניש בײַא דעם ערשטען טדר,
[קעניגסבערג?.. 186]. „כּרפּס דרייט זיך אויס
שטאַרק דערשראָקן מיט דעם פּנים צו יענעס

וואָס רופֿט אים אָן בײַם נאָמען,,, ממוס, אַ

,

□

גרויער האָר'. ,,איך קען עס אײַך אויסדריקלעך
אַפֿילו מיט אַ נאָמען אויך אָ'‘‘, ווײַס I, ,איינער
אַ מענטש'. ‘‘אָט די ערד וואָס דער טײַך האָט
אנגעפֿלייצט קען מען אָ אָנפֿלייץ־ערד‘‘, זק

,

□

איבּז, מע□יות וועגן ערד, בּערלין 1922. [
גלייבּעניש אַז מע קומט מבֿקר־חולה זײַן אַ
קראַנ.
קן, זאָל מען אים ניט אָ, בײַם נאָמען. מעגלעך,
דער מלאך־המות זוכט אים אַרום. טאָ זאָל ער
ניט אויסגעפֿינען וואו ער איז.]
3. געבן עמעצן (עפּעס) אַ צונאָמען. ‘‘קיין
פֿאַמיליע־נעמען האָט מען ניט געניצט, אַ□ילו

ניט געוואוסט פֿלעגט מען אָ'. דער לאַנגער,

.

דער רויטער, דער שנײַדער אאזור“. „היט זיך
זייער און זייער פֿון היזקות, דען ל□ד מע
וועט עס דיר אָפּרעכענען פֿון דײַן לוינגעלט,
ווערסטו נאָך אָנגערופֿן דם־נבֿלה“, אמד, דיא
דינסט מיידעל, ווילנע 1868. “יענע מוסר־זאָגער,
די וואָס זעצן אויס אונדזערע פֿעלערן, רו□[ן
אונדז אָן מיט די שיינע נעמען“, שע, אַלט־נײַ
כתרילעווקע.

4. באַקרוינען מיט אַ נאָמען, באַטיטלען.
„דעם פֿאַרשטאַנד זאָלסטו פֿרײַנד אָ'“, מס,
משלי תּקע“ד, ז, 4. „איי [= איידער] גאָט האָט
באַשאַפֿן אַלע ווערק, האָט גאָט געטראַכט אין
זײַנע געדאַנקען צו באַשאַפֿן אַבֿרהם אָבֿינו וואָס
ער ווערט אָנגערופֿן צור“, מלרה, יג/ב. „ניט
יעדער תּאווהדיק נאָכגעיאָגטער ציל קען
אָנגערוסן ווערן פֿערזענלעכער אידעאַל“, ימ, איינ
הדיטלעכע פֿאָלקש ול, 1922. “חכמה ווערט
אָנגערופֿן אין קבלה 'נקודה קדמאה, — דער
אוראָנהייב־פֿונקט“, הר□ י. ד. סאָלאָווייטשיק,
טמז, 1 XII 1961. “נאָר יחידים אויסדערווײלטע
קענען דאָך ווערן אָנגערופֿן בעלי־שׂכל“, אַש,

תּהילים־ייִד. “... וואָס מע קען עס אָ,
ריחהתּורה, אַ מין ייִדישער אָטעם, וואָס אַן דעם
איז ייִדיש שרײַבן ווי אַ גוף אָן אַ נשמה“, י ד
בּערקאָוויטש, טמז, 29 XI 1964.

5. געפֿינען דאָס ריכטיקע וואָרט. אויסדריקן
עפּעס וואָס איז בּהסכּם מיט פֿאַקטן, מיטן אמת.
אָ, דאַס קינד (די זאַך) בּײַם (מיטן) ריכטיקן

נאָמען = אַרויסזאַגן אַ געדאַנק, אַ מיינונג
קלאָר און שאַרף, אָן רמזים. „ווען ווערט
אָנגערופֿן דער ווײַנגאָרטן דעם גזלנס, אַז מע
פֿאַרגעסט דעם נאָמען פֿון ערשטן
בּעליהבּית“, זרעיס, מז/א. “עפּעס אַ שטיקל אָרט
וואָס אונדזערע אָרעמע בּרידער זאָלן עס קענען
אַ, זייער אייגנס“, ממוס, א טגולה.

6. רופֿן, רעדן צו עמעצן אויף אַ מהלך.
דערזען פֿונדערווײַטנס אַ בּאַקאַנטן און אים
אָ'. אָ, טעלעפֿאָניש.

7. רופֿן, פֿאַרבּעטן אַ סך. אָ, אַ פֿולן זאַל
צום פֿײַערלעכן אָוונט. אָ, אַלע פֿרײַנד צו דער
חתונה. “וואָס האָסטו אָנגערופֿן אַזוי פֿיל
מענטשן?“.

8. זיך ווענדן מיט רייד כּדי צו בּאָווירקן.

אָ, צום געפֿיל פֿון אַחריות. "אַלשׂ ער מיר אישׂט אַל מול ווען איך אין רויף אַן", שמואל בּוך, סטראָפֿע 1746. "טושׂטו דײַן חבֿר אַן רופֿן מיט שטראָף רידן,,, עיון, סת/ב.

□

אָנרו□ן זיך

9. ספּעצ רופֿן צו גאָט, מתפּלל זײַן.

"וקראתם — און, איר וואַרט מיך אַן רו□ין און, ווערט הין גין און, מיך בּיטן און, איך וויל אײַך דר הערן,,, שעריר, כט, 12. "דאָך רופֿן מיר דיך, גוט, און אַלי מאָל. מיר זײַן דאָך דײַן פֿאָלק ישׂראל", אַהרון בּר, יוסף, איין שין נײַא ליד פֿון אובן, פֿראָג תּמ,,ח. ,,... בּפֿרט בּײַא דיזי צײַטן... דא גיהערין מיר גאָט אַן צו רופֿין און, צו בּיטן, דשׂ ער אונשׂ זול פֿר אַלין בּיזן בּהיטן", ר, יהודה ליבּ בּר, משה, חזן וטו□ר, שירי יהודה אַמשט 1697. ,,נעמט אײַך גאָטס וואונדער אין אײַער האַרצן אַרײַן און טוט אָ, טאָג און נאַכט צו דעם ליבּן גאָט", יענטע בּת יצחק, עע)רת הדבּרות בּיכל [אָנהייבּ 19. יי"ה]. ,,און ווען עס קומט אויף אים חס

רשלום אַ צרה, זאָל ער אָ, צו גאָט“, חה, בֿ, 215.

()1. אַרכ. אַרויסרו׳ן. „דא האבּן זיא זיך איין גבּילט דשׂ ער דיא (נשמה) פֿון (שמואל הנבֿיא) אַן רופֿט“, שאַר, צא.

אָנרופֿן זיך — ← דפֿוו. 1. אַרויסקומען מיט אַ בּקשה, מעלדונג, מיינונג. אָפּרופֿן זיך אָן אַ דירעקטער ווענדונג. אַרויסזאָגן זיך.

מורא האָ׳ן מיט אַ וואָרט זיך אָנצורופֿן. עס איז משוגע זיך אָנצורופֿן (מיט אַ וואָרט). „ווער עס רומט זיך אָן דער קריגט ניט קיין חלק“, שנו “דער רבּי... האָט... גענומען בּאַטראַכטן דאָס אַלעס אין קלייטל און האָט זיך אָנגערופֿן צום עולם„, קמ, 36 1870, No. „שרייַב

אונטער דיינע תּנאָים צו מזל, מלכּהלע, רו׳ט זיך אָן די מוטער, שרייַב יִדיש, יִדיש, מיין קינד, מיר זיינען יִדן„, ימבּר“ע, שפּרינצע מירל.. , בּוקאַרעשט 1878. “זייער דעפּוטאַט

זאָל אַפֿילו זיין... אַן אַנטיק א׳ן דער וועלט, דאָך קוים לאָז ער עפֿענען אַ מויל זיך עפֿעס אָנצורופֿן פֿאַלן זיי אים אַריין איך־

דער׳ —

מיט“, ממוס, ווינטשפֿ. “'פֿאַרשלאָסן די טיר

פֿון בית־מדרש, — רופֿט זיך אָן... דער רבֿ
צום גאַנצן עולם“, שע, קליינע מענטשעלעך
2. אָנפֿרעגן זיך. “האָט ער זיך אָנגערופֿן,
מוזן מיר דאָ פֿאַרבײַפֿאָון? קענען מיר נישט
אַ קליינעם אומוועג מאַכן?,,, לאיזע, דעם קע—
ניגס געשעפֿטספֿערזאָרגער, בוקאַרעשט, יאָר?
“קומט אַרײַן איינער, גייט צו גלײַך צו מיר
און רופֿט זיך אָן: ר, מענדעלי, איר וועט קויפֿן
אַ קליאַטשע?“, ממוס, קליאַטשע. ,,האָט זיך
אָנגערופֿן איינער פֿון די פֿרעמדע אורחים...
דו האָסט נישט קיין ביסל בראָנפֿן?“, אַש,
תּהילים־יוד.
3. אָפּענטפֿערן. “אַז מע קלאַפּט אויפֿן (אין)
טיש, רופֿט זיך אָן די שער,,, שוו [אויך: אַז
מע גייט מיט בייזן, שאַפֿט מעז זיך
אומגעריכטע שׂונאים]. ,,האָט ער זיך אָנגערופֿן צו
דעם שליח: איך ווייס... ניט וואָס אין דעם
בריוו שטייט“, נחבֿ, 'מעשׂה בחכם ותּם'. ,,האָט
זיך דער שליח געמאַכט גלײַך ער ווייסט נישט
דער▯ון און האָט זיך גאָרנישט אָנגערופֿן“,
ספֿר אהלי ▯ צדיק, פֿשעמישל, יאָר? ,,נאָר בײַ
מיר איז אָבער געווען אָפּגעמאַכט. אײַנהאַלטן
זיך ווי ווײַט מעגלעך, ניט אָ, זיך מיט אַ

וואָרט‘‘, ממוס ספֿר הבהמות. ,,אָבער באַלד
האָבן זיי זיך איבערגעסודעט און איינער האָט
זיך אָנגערופֿן‘‘, אַר, ,ערשטע ריי'.
4. מעלדן אַז מען איז דאָ. זאָגן ווער מען
איז, ווי מע הייסט. ,,איך בעט אַז די וואָס זיצן
בײַם הויפּטטיש זאָלן זיך אָ'‘‘. ,,'אָט בין איך!, —
האָט זיך אָנגערופֿן עפּעס אַן אומבאַקאַנטער
פֿאַרשוין‘‘, ממוס, קליאַטשע. ,,נאָך אַ שאָטן
האָט זיך צוגערוקט צו אונדזער טישל, ער האָט
זיך אַליין אָנגערופֿן‘‘, סעג, מײַנע זיבן יאָר
אין תּל־אָביב, ב,,א 1949.
5. זיך אַרויסרופֿן עפּעס צו טאָן (
פֿרײַוויליק). ‘‘האָט ער זיך אָנגערופֿן אַז ער נעמט
זיך אָן זי אויסצולעטשען‘‘, פֿמ, [פֿש]. ,,האָט
זיך אָנגערופֿן ר, הירש דער חזן: אַני ראשון
לחרבֿ ברורה, אָבער גאָט דער הער ווייסט
אויב מיר וועלן קומען צו דער קבֿורה,,, מעt ה
אומן. ,,צוויי גרויסע עשירים... די גרעסטע
עמי־הארצים פֿון דער גאַנצער שטאָט האָבן
זיך אָנגערופֿן: אונדז וועלן מיר אַרויפֿגיין אים

אָפּזאָגן פֿון דעם רבנות“, איין ווינדערלוכו מע□)ה פֿון צוויי גרויסע עשירים מיט איין בּת תּלמיד חכם, לעמכּערג 1895.

6. זיך אַרײַנמישן אין אַ שפּיל. קיבּעצן. “כ'בּעט אײַך, רופֿט זיך ניט אָן. עס גייט אין געלט,,. ,,ווער האָט דיך געבּעטן זיך אָ'! שטעק ניט אַרײַן די נאָז,,.

7. (וועגן אַ קראַנקייט) זיך אָפּרופֿן. ווידער צוריקקומען. אַ חולאת (אַ שלאַפֿקייט) נעמט זיך אָן און רופֿט זיך אָן. ,,דער כּישוף־מאַכער וואָס האָט זי... געהיילט האָט אַפֿילו געזאָגט אַז זי וועט אַ כּלה ווערן, וועט זיך דער דיבּוק ווײַטער אָ,“, דער דיבּוק, לעמבּערג 1899. ,,דער מיגרען האָט זיך אײַך שוין ווידער אָנגערופֿן□,,, שע, 'יקנת“ז'.

8. דזוו אָנגערופֿן ווערן. “די אייגנשאַפֿט פֿו□ קערפּערס צו פֿאַרהיטן דעם צושטאַנד אין וועלכן זיי געפֿינען זיך רופֿט זיך אָן אינערציע,,, ש. האַפּשטיין, מאָטאָר פֿון אינערלעכנ אויסבּרענענ, ק□עוו 1932.

--

אָנרוסעניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס פֿון אָנרופֿן (זיך). דזוו אָנרוף (בײַטעם פֿון ביטול). אַן אָ, פֿאַר אומאיידעלן אויפֿפֿיר. ,,שאולקען האָט אָט די אומשמייכלהאַפֿטע אָ, אַ האָר ניט געקימערט,,, א. גאָרדין, יאַנאָווסקי..., ל״אַ

‑

1957. אויך: אָנרופֿעכ󠄀ן.

--

אָנרוסער — דער, ־ס. ווב ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס רופֿט (זיך) אָן. ספּעצ אַרכ. בעטער צו גאָט, (← אָנרופֿן, ב9). ,,זײַן (מדה) צו זײַן דר ב[אַ]רמן אויף זײַן אַן רויפֿיר,,, טח, שמות, טו, 2, רשי. ,,ווערט איר פֿון גאָט יתב, דער זײַני אַן רופֿר זײַן... גהאָלפֿין ווערדין,,, 'היסטאָרישע אַלעגאָריע פֿון ר, מאיר ש״ץ,, 1694 [פֿש III]. ,,זײַני אַן רופֿר מיט הערצר... ער לעכ[ע]רט איין טיר אים הימל צו מאַכן אײַן גין איר תּפֿלה...,,, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קטו/ב.

אָנרוקן — רוק אָן, ~געג. טרוו —
1. אָנלייגן אַרײַנשטופּנדיק. אָנשטופּן אין עפּעס.

1651

אָ, פֿולע קעשענעס מיט ניס. אָ אַ פֿולן זאַק
,
בעטגעוואַנט. *(זיך) אָ, פֿולע קעשענעס מיט
געלט (גאָלד) = רײַך ווערן. 2. אַרײַנרוקן אַ
סך. אָ, שטעקענעס אין דער ערד. אָ,
שפּילקעלעך אין קישעלע. אָ, אין אויוון בײַם בעקער
די טשאָלנטן פֿון גאַנצן געסל. אָ, קוויטלעך אין
שפּאַלטן פֿ ן כּותל־מערבֿי.
3. אַראָפּלאָזן, אַראָפּרוקן מער ווי
געוויינלעך אָדער אַרויפֿרוקן. אָ, דאָס היטל איבער
די אויגן (אויערן). אָ, דאָס ה י ט ל אויף
זיך = קלײַבן זיך אַוועקצוגיין אַן אומצופֿרי..
דענער. אָ, דאָס היטל אויף עמעצן = הייסן
אים אַוועקגיין. *אָ, אויף זיך דאָס ט ו י ב ע
היטל = זיך מאַכן ניט־הערנדיק; ניט ענטפֿערן.
"מעגסטו שו ן אָ, די הוט און אַהיימגיין",
מ דלוגאַטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881.
"מײַן זיידע פֿלעגט אָ, דעם געלן טלית

....
איבערן קאָפּ“, שע, אָרעמע און פֿריילעכע.
4. אַקוזוו — אָנציִען אויפֿן פּנים אַ מינע, אַן אויסדרוק פֿון ערנסטקייט, רוגז אע אָ, דעם ש ט ע ר ן = קנייטשן דעם שטערן אין ערנסטע מחשבֿות. „זשעניע האָט אָנגערוקט די ב ר ע מ ע ן און אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס„, וו. לאַכאָווער, דאָס נײַע לעבן, נ„י, מײַ 1913.
5. אוטוו, דריטפּערזאָניק. פּד. דזוו אָנרוקן זיך, בבֿ 3־4. דער זמן־חתונה רוקט אָן. „אָט רוקט אָן פּסח און קיין מצות זענען נישטאָ“.
“קוים האָט אָנגערוקט די צײַט פֿון דאַוונען...“. „דערווײַל האָבן די נײַן טעג אָנגערוקט און ער האָט נאָך דעם רבין געשיקט„, עט, לידער. „האָט אָנגערוקט דער טערקישער קריג, און עס איז אַ באַ□על געקומען...“, ה. ב. צימבלער, דיא גענעראַלשע, ווילנע 1887. „דער הייליקער שבת רוקט אָן און מיר האָבן נאָך גאָרנישט אָנגעברייט“, י. מ. ניימאַן, שבת אויבס, וואַרשע 1923. „אַז די נאַכט האָט אָנגערוקט און מע האָט אָפּגעזוכט אַ פּלאַץ וואו
□
צו נעכטיקן, האָט די עדה אָנגעהויבן צו

גראָכן די פֿײַכטע ערד“, אָפּאַ, אונטערוועלט
„עס האָט אָנגערוקט, אַזוי ווי אַ שרעקלעכער
וואָלקן, דאָס בילד פֿון נאָענטן אונטערגאַנג„,
עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924.
אָנרוקן זיך — ← דפֿוו. אוטוו — 1.
אָנקומען, דערנענטערן זיך (וועגן מענטשן און
בײַם ריכטן זיך אויף שלעכטס). דער שׂונא
רוקט זיך אָן. די איבערפֿאַלערס רוקן זיך אָן.
„דערווײַל רוקט זיך אָן די 'גרויסע וואָך„.
דאָרט קומען אַרויף ווידער אַ סך זעלנער
מיט אַ קאָמענדאַנט, מע זוכט, מע נעמט צו“,
א בערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע
1926. „דרײַצן מאָל דרײַצן חיילות וועלן זיך
אָ, אויף אונדזער לאַנד“, מלה לידער I.
2. אָנקומען אומבאַמערקט. „האָט זיך
עמעצער אָנגערוקט אונטער דעם פֿענצטערל און
עס אינגאַנצן פֿאַרשטעלט פֿ◌ן דער ליכטיקער
שײַן„, ווײַס I, 'חיים אַהרן„. „עס רוקט זיך אָן
אים פֿון הינטן עפּעס ווי אַ פֿור, עס לאָזט זיך
הערן אַ פֿלוכן, אַ שעלטן, אַ שמײַסן מיט דער
בײַטש“, ממוס, שלמה.

אָ'נרהמימדיק

3. דריטפערזאָניק וועגן צײַט. דערנענטערן
זיך בשײַכות מיט אַ דאַטע (טערמין), מיט אַ
געוויינלעכן גאַנג געשעענישן (מיט אַ בײַטעם
אַז דאָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ שווערקייט).
"דער שבת (דער יום־טובֿ) רוקט זיך אָן און

-

מען איז נאָך ניט גרייט אים אויפֿצונעמען"..
"עס רוקט זיך אָן דער ליבער פּסח און ס'פֿעלט
אויף הוצאָות". "עס איז אַוועק דער סוכּות
און עס האָבן זיך אָנגערוקט די אָסיענדיקע,
קליינע, גרויע טעג", אַר, "דעם זיידנס
לאַמטערן'. "דערווײַל האָט די נאַכט זיך אָנגערוקט",
אַש, אַ שטעטל "זינט עס האָט זיך אויף אים
אָנגערוקט די עלטער, איז פֿון אים בכלל ניט
אויסצוהאָלטן", נ. זאַבאַרע, אַ פּשוטע מאַמע,,

▯

סאָוו, היימלאַנד, 9 7 ▯ 19, No. "ניט מער וואָס
פֿאָלטאַווע האָט זיך דאָ אָנגערוקט, שטייט שוין
פֿאַר דער נאָז, אָט־אָט איז דער יריד דאָרט",,
ממוס, ווינטשפֿ.
4. דריטפּערזאָניק. (וועגן אַ נאַטור־

דערשײַנונג) אָנקומען פּאַמעלעך און וואָס מע קען פּאָרויסזען אָדער אומגעריכט און עפּעס וואָס איז שלעכט. אָפּט פּיג: אַ שוואַרצער וואָלקן, אַ פֿינצטערע כמאַרע רוקט זיך אָן. אַ געוויטער, אַ זאַווערוכע, אַ פֿאַרפֿלייצונג רוקט זיך אָן.

,,ווען עס רוקן זיך שוין אָן גאָר די סינצטערע כמאַרעס, זאָל ער זיך אויפֿמישן נאָך אַ סך שוואַרצערע בלעטלעך פֿון זײַן היסטאָריע,,, דר, יעקבֿ טשערני, קול יעקבֿ, באַרדיטשעוו 1897. ,,עס איז אין מיר געוואָרן ווי ווע אַ שטורעם וואָלט זיך אָנגערוקט,,, דפּ, 'בערגשטײַגער', דאָס נײַע לעבען, נ,,י, יוני 1913.

5. דריטפּערזאָניק. (וועגן אַ געפֿיל, איבערלעבונג, שטימונג) אָנקומען און אַרומנעמען, באַהערשן (נאָר וועגן שלעכטס). ייִאוש, אָפּהענטיקייט, געפֿאַלנקייט אע רוקט זיך אָן. ,,אַ טיפֿע מרה־שחורה האָט זיך אָנגערוקט אויפֿן הײַנטיקן ייִדן, און ער זינקט אן איר,,, בעלדמיון, דאָס נײַע לעבען, נ"י, מײַ, 1911. אָפּט אַזוי ווי אָנרוקן, בּ: ,,אַ וואָלקן מרה־שחורה רוקט זיך אָן". ,,אויף גאָטס וועלטל רוקט זיך

אָן דער גלות פֿונעם ווינטער“, ממוס, אַ שטאָט

אין מזרח'.

6. דערנענטערן זיך פֿאַר די אויגן (בײַם באַוועגן זיך). „די טעלעגראַף־סלופּעס רוקן זיך אָן, ווען מע קוקט אַרויס פֿון פֿענצטערל פֿון וואַגאָן“. „די גויאישקע הײַזקעס האָבן זיך אָנגערוקט מיט זייער ניט־ייִדישן סוד„, זש, שקלאָווער קינדער.

7. זיך אָנשפּאַרן. „וואָס האָסטו אויף מיר זיך אָנגערוקט? רוק זיך אָפּ„.

אָ'נרו'קנבייניק — אַדי. נעאָל. אָפּט סובּ. וואָס איז אָן אַ רוקנביין, אָן אַ חוט־השדרה. אויך פֿיג וואָס איז אָן אינעווייניקסטער פֿעסטקייט. „אַרויסגעגעבּן וויסנשאַפֿטלעכע אַרבּעטן וועגן די מינים אָ'ע“, איבּז, וול. לידין, שטילער אָדער גרוימער, מינסק 1936.

אָ'נרהמימדיק — [... ראַ'כאַמימ...] אַדי. וואָס איז אָן רחמים, אָן גענאָד. אָ'ער פּסקדין פֿון אויבּן. אָ'ע הערשאַפֿט ־יקייט.

.

אָ'נרהמנותדיק

אָ'נרהמנותדיק — [... ראַכמאָנעס...] אַדי. וואָס איז אָן רחמנות. דזוו אומבּרחמנותדיק (539). אַן אָ'ע בּאַציאונג צו אייגענע און פֿרעמדע. שלאָגן אָ'. אָ'ער קאַמף ־יקייט.

.

אָנריגלען — טרוו. ־גל אָן, ~געריגלט. 1 פֿאַר.

שליסן מיט אַ ריגל. אָ, דעם טויער. 2. אַ דריי טאָן דעם שלאָס, דאָס ריגעלע, פֿון אַ בּיקס (בּײַם גרייטן זיך צום שיסן). „ענלעכע צו דער בּאַוועגונג פֿונעם שלאָס בּײַם אָ אַ

,

בּיקס“, נ. לוריע, בּריקן בּרענען, כאַרקאָוו 1929.

אָנריגעווען — טרוו ־געווע אָן, ~געריגעוועט.

.

(שנײַדערײַ) אָננייען צײַטווײַליק און מיט שיטערע שטעך אונטערלײַוונט צום שטאָף פֿון מלבּוש.

אָנריזלען — אוטוו ־זל אָן, ~געריזלט.

אָנפֿליסן מיט אַ קליינעם שטראָם פֿון צווישן

,, ·

די פֿעלדזן ריזלען אָן טײַכעלעך וואָס גיסן

זיך אַרײַן אין אונדזער טײַך“.

אָנריזען — דזוו אָנגריזשען.

אָנריהדיק — [... רייאַכ...] אַדי. וואָס

איז אָן אַ ריח. אָ'ע בלומען ־יקייט.

·

אָנריטמיש — אַדי וואָס איז אָן אַ ריטעם.

“קען זײַן אַז אָ'ע פּראָזע איז שווערער תּופֿס

צו זײַן ווי ריטמישע“, ימ '. ל. פּרצעס לשון',

ייִבל III XX. קייט.

אָנריטשען — אוטוו ־טשע אָן, ~געריטשעט.

·

סל. אָנשרײַען שטאַרק (מיט היהשע קולות).

אָ, אויף עמע ן ער זאָל זיך ניט מישן.

אָנרייבן — טרוו. ריַיב אָן, ~געריבן. 1. ריַיבן

־

איין זאַך אין אַ צווייטער כּדי אַרויסבאַקומען

אַ באַשטימטע פּעולה. אָ, אַ שוועבעלע צו

פֿאַררייכערן. אָ, אַ שטיין אָן (אין) אַ שטיין. אָ,

אַ קינדל (אַ שטיקל קאָרע) = אָנצינדן מיט

אַ שוועבעלע. ,,קענסט נעמען אַ שטיקל

ברושטין... ריַיב דאָס אָן שטאַרק אין געוואַנט

אָדער אַזוי אַ וואָלענע זאַך, באַקומט דאָס
אויך אַזאַ קראַפֿט ווי אין מאַגנעט“, י“ז
בןאריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.
פֿלייש ווען עס ווערט מכולה זאָל ווידער

,,
גוט זײַנ. נעם קולינ וואשׂ גאַנץ גוט איז אושׂ
גיבּרענט אונ צו שטוס זייא גרעבּליך אונ
רײַב אָן דאשׂ פֿלייש דאשׂ מכולה איז
גיוועזינ... אונ אוף דער נאָך איבּער שוויינקין
דאשׂ לייש גאַנץ ריין און קאָך זיך“, איין
בּיכיל... וויא צו פֿר הימן דא גיזונד און
צו פּרנסה פֿון פֿיל זאַכין וואI דרינן שטייט
צו האבּין, שקלאָוו 1795. ,,איך רײַבּ אָן די
הענט מײַנע אין גראָז און ווי דער דין איז...
און מאַך אַ בּרכה,,, ממוס, קליאַטשע. ,,בּיסט
אין כּעס, רײַבּ אָן דעם ת... אין אַ שטיין,
וועט דיר דער כּעס איבּערגיין“ פֿוול.

,
2. אָנגרייטן דורך צערײַבּן מיט אַ מכשיר
אויף קליינע טיילכעלעך, אויף דין. אָ, כריין.
אָ, קאַרטאָפֿל אויף לאַטקעס. אָ, רעטעך. אָ,
בּוריקעס. אָ, מיט (אויף) אַ ריבּאײַזן.
3. רײַבּן פֿון אויבּן, אויף עפּעס. אָ, אַן אָ

איַזן מיט אַ מאַגנעט. אָ, דעם לישיַ מיט אַ
שמירעכץ. אַ, וועש מיט זייף. „אַ, אַ המוציא

1652

ראָזעווע ברויט מיט קנאָבל“, שירע גאָרשמאַן, דער קויעכ פון לעבן, מאָסקווע 1948. „צו שלאַפע און שאָקלדיקע ציין זאָל מען געקלאַפטן קנאָבל צומישן מיט עסיק און מיט האָניק און גוט ד אַסלעס אָ',,, תעלה אַרוכה, לבובֿ 1850.
י י
“מיר ברענט דאָס האַרץ אַזוי, ווי מ'וואָלט עס אָנגעריבן מיט זאַלץ“, א. שעכטמאן, ערבֿ
4 פטמ. מאַסאַזשירן. אָ, די שלייפן. “אָ,
.
די טוטווייאיקע פלייצעס“, רייד (וויטעבסק).
5. אָנדריקן, אָנקוועטשן. אָפּרייַבן. אָ, ה י ־
נ ע ר א ו י ג ן. אָ אַ פוס (אַ פינגער, די האַנט
,
אאַ) — ביַי אַן אַרבעט אָדער איבער אַן אַנדער סיבה אָפּרייַבן די אייבערשטע הויט און צעקוועטשן, איַינקוועטשן. „אַזעלכע שיך וועלן שוין אין ערשטן טאָג פון דער ריַיזע אָ,

מאַזאָליעס“, ע. מעשטשינסקי, האַנטבוך פֿאַר
אַרבעטער־טוער, מאָסקווע 1932. “אויף די
ערטער וואו עס איז צוגעבונדן לייגט מען
אונטער אַ קישעלע פֿון מאָך, כּדי עס זאָל
ניט אַ, די קאָרע“, רעד, מ. וועללער, ווי מען
פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900.
אָ, די ז ײַ ט ן = אָנבּרעכן די זײַטן. שלאָגן.

▯

גוט אָ, די זײַטן פֿאַר דער חוצפּה. „דער דײַטש
האַט אונדז געהאַט אָנגעריבּן די זײַטן און מיר
זײַנען אָפּגעטראָטן צוריק“, ש. בּרעגמאַן,
אַ▯נ מיזרעכ איז אומרויק, מאָסקווע 1934.
אָ אַ מ אָ ר ד ע = א) שטאַרק אָנזידלען;

’ .

בּ) שלאָגן איבּערן פֿנים; ג) זיך אָפּרעכענען,
נקמה נעמען. “לע“ע [= לעת־עתּה] אַ בּיסל...
זיי [די אַפּיקורסים] אָנגעריבּן אַ מאָרדע...
שמעטער וועל איך זיי ערשט אַלע
אויסמאָרדעווען“, מ. דלוגאַטש, קמ, 52 ,1870 .No. „דעם
עזות־פּנים דאַרף מען נייטיק זען אָ, גוט אַ
מאָרדע“, דער יודישער פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881.
“איך האַב אים אַרײַנגעהאַקט אַ בּריוו... און
אָנגעריבּן אַ מאָרדע“, שע, מאַריענבּאַד. „ער
איז נאָך בּיז הײַנט אַ גרויסער בּריה אויף

אָנצורייַבן אַ מאָרדע“, דטש, טאַג 29 1958 XI.
אויך: אָ, אַ (דעם) פֿ ר ע ס ע ר. „ווי שנעל
יִדן האָבּן אויסגעגלײַכט דעם רוקן און
אָנגעריבּן אַ פֿרעסער די אַראַבּישע מלוכות
צוזאַמען מיט בּעווינען“, אילוסטרירטע וואַכנבּלאַט,
ת אָ, 1949 I 14.

„
*אָ, די נ אָ ז = א) אויסמוסרן, אָנזידלען,
פֿאַרשעמען; בּ) געבּן אַ פּאַטש. “עס זײַנען
דורך מיר חמצדיק געוואָרן עטלעכע מײַרעס
און מע האָט מיר דערפֿאַר מיאוס אָנגעריבּן די
נאָז“, ממוס, דאָם קליינע מענשעלע. „... משהן
זאָל אַפֿילו קאָסטן טויזנט רובּל, וועט ער ניט
שווײַגן און מוז דעם דאָזיקן וואָס האָט אים
זאַטשעפּעט אָ אַ נאָז„, י ז. פּוטערמאַן, דער

,

אַריסטאָקראַטישער צדיק. , וואַרשע 1889.
6. אָנשײַע ן. מאַכן עס זאָל גלאַנצן דורך
רײַבּן. אָ, דעם מעשענעם סאַמאָוואַר. אָ, דעם
דיל מיט וואַקס. „דעם שפּיגל האָט חנינה
אָנגעריבּן בּיז צו גלאַנץ“, פּמ, מלחמה I, נ„י
.195

נרייַבן זיך — ← דפֿוו.   אָ, זיך אַ פֿינגער. אָ, זיך הינעראויגן (מאַזאָליעס) אויפֿן מוח — איר וועגן אַ סך לערנען, שטודירן.

אָנרייכערן

זיך אָ, אין געדיכטן עולם אַ פֿלייצע אָן אַ פֿלייצע. *אָ, זיך אָן (אין) עמעצן = זיך פֿאַרטשעפּען מיט אים. „אַגגי וואַר אויף גישטאנדן צו מאַכן פֿאַרלירן די ליבן, אַן מרדכי פֿון זאמן יהודה האָט ער זיך אַן גריבן“, ברכת המזון (זמר לפּורים), אַמשט, 1723, לבֿ/א. „אַן וועלכן מענשן דא זיך די קעלבר אַן ריי□ן אונ, קוסין, דען זעלביגן מענשן ביגערן זיא צו האבן דשׂ מן אים זאָל שעכטן„, צאינה, ויצא, ה□טורה.

־ונג.   ־עכ□ן.   ־עניש.   ־ער — אַ מאָרדע־אָ'ער.
אָנרייד, אָנריידן — ← אָנרעד, אָנרעדן.
“וען... דורך וועמעס עס איז אָנריד ועל איך ניט מקיים זײַן די שבֿועה... וועל ניט אָנגערופֿן ווערן מיט דעם נאָמען יהודי„, קאָנסטאַנטין קאַלינסקי איבז, פֿעסטזעצונג וועגן

יהודיס, ווילנא והוראדנא תקצ,,ה.
אָ'נריידיק — אַדי. נעאָל.   וואָס איז אָן רייד.
"עס שטייען בעטלער... און שאָקלען קוים
מיט לעפֿצן מיט אָ'ע", צײַט, גש I.
אָנרייזן — אוטוו. רײַז אָן, ~גערײַזט.   1.

אָנקומען צו אַ פֿונקט בעת אַ נסיעה. אָ, צו אַן
אַכסניא. אָ, קיין וואַרשע.   2. אומגעריכט
אָנקומען נאָך אַ רײַזע. אָ, צו ד אַלטע
טאַטעי
מאַמע.   אָ'דער = אָנגערײַזטער. "די ה"ה
[הערן] אָ'דע ווערלן געפֿינען... גוט
אײַנגעאָרדנטע קופּאַלניעס", קמ, 15 1868, No, מודעה.
מיט ז י ך — אַ סך, אַ לענגערע צײַט רײַזן.
אָנרייטלען — דזוו אָנרויטלען.   אויך מיט
ז י ך.
אָנרײַטן — רײַט אָן, ~געריטן.   אוטוו —
.
אָנקומען רײַטנדיק. ,,דשׂ בּויז ואָלק עמלק
ישׂראל צום ערשטן אַן ריטן", שמואל־בּוך,
סטראָפֿע 254   פֿון וואַלד איז אָנגעריסן אַ
. ,,
סוויטע שלאַכטשיצעס", אָפּא, אין פּוילישע

וועלדער. "אַ זון מיט אַ רעגן, אַ זון מיט אַ
רעגן — אַ גאַנצע קאַפּעליע רײַט אָן אַנטקעגן",
אסתּר שומיאַטשער, לידער, ל אַ 1956. טרוו —
„

דזוו אײַנרײַטן. "דער זשאַקי איז אַ בּריה
אָנצורײַטן פֿערד„.   מיט ז י ך — רײַטן אַ סך,
אַ לענגערע צײַט. אָ, זיך בּיז צום אײַנשלאָ ן
אין זאָטל. ־ער — 1. ווער עס רײַט אָרויס
פֿאַר אַ קאָטש.   2. זשאַקי.
אָנרייכן? — טרוו. רײַך אָן, ~גערייכט.
דרייזין   אָנפֿילן מיט רויך.
אָנרייכערן — טרוו. ־ער אָן, ~גערייכערט.
1. רייכערן אַ סך; שאַפֿן (אַרום זיך) אַ סך
רויך. אָ, ווי אַ נאַס שײַטל האָלץ. רייכערן
ציגארעטן און אָ אַ פֿול צימער. אָ, ווי אין
,

אַ קרעטשמע. „איז געקומען די צײַט פֿון
הייליקן רייכערן, מיט וועלכן ער האָט
אָנגערייכערט זײַן צאַלמע און זײַן טאַסין [טאַשן]

טיכל“, ג, ל, כ, ז איבֿז, קאַמבֿער מיט דער
פּרינצעסין ארעסיניע, ווילנע 1870. אויך
מיט ז י ך — „גענוג זיך אָנגערייכערט. גיי
עסן“, די אונטערטהעניגע, זשענעוו 1904.
2. אָנוויאָנדזלען.

אָנרײַס

אָנרייס — דער, ־ן. 1. אַקט פֿון אָנרײַסן.
-.
2. געשוויר, געשווילעכץ. אַן אָ, אויף אַ
פֿינגער. אָ'־פֿ ל אַ ס ט ע ר.
אָנרײַסן — אוטוו, דריטפּערזאָניק. רײַסט אָן,
-
~געריסן. 1. אַנטשטיין, אויפֿגיין (וועגן
אַ בלאָטער, אַ געשווילעכץ) און זיך אָנפֿילן
מיט אייטער. „אַז די מכּה האָט גוט אָנגעריסן,
עפֿנט זי זיך אַליין,„ שוו פֿונעם אָנגעלויף
.„
פֿון די ווײַסע קערפּערלעך הייבט זיך אויף
אויפֿן דאָזיקן אָרט די הויט, ס'ווערט אַן
אויפֿלויף, אַ בלאָטער. מע זאָגט דעמאָלט, אַז סע
רײַסט אָן“, ט. בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו
1927. „באַקטעריעס רו ן אַרויס אַ צערייצונג

און אָן אָנצינדונג פֿון די דריזן־ווענטלעך. גאַנץ אָפֿט פֿאַרענדיקט זיך די דאָזיקע דערשײַנונג מיט אָ',, פֿגעז, ווילנע 23 1928, No. ,,בײַ

,

זעליגן... האָט אָנגעריסן אַ פֿינגער און אַקוראַט יענער פֿינגער אָן וועלכן די נאָדל קען ניט אויסקומען,,, אר, 'דער קראַנקער פֿינגער'. פֿיג. ,,עפֿעס האָט זיך אַרײַנגעשטאָכן אין דער נשמה, אינעם געוויסן און עס נעמט אָ'‘‘, י ראַפּאָפּאָרט פֿאַש, 16 1951 I.

,

2. אויסנעמען בײַם עולם. די קאָמעדיע קען אָ'. ‘‘די פֿאָרשטעלונג האָט אָנגעריסן און אַ לאַנגע ריי איז בײַ דער קאַסע‘‘. ,,איר זענט גאָר קיין מבֿין נישט... וואָס פֿאַר אַן אויפֿפֿירונג דאָס איז געווען... ס'זאָל נאָר אָ'‘‘, אָפּאַ, 'הינטער די קוליסן'. אויך אַן אויסשטעלונג קען אָ,. יעדע אונטערנעמונג קען אָ'.

3. ווערן אויפֿגעבלאָ ן. שטײַגן. דער יקרות רײַסט אָן. פּרײַזן רײַסן אָן.

4. (אויפֿן סמך פֿון ב2) ווערן פּאָפּולער. ‘‘דער לאָזונג וועט אָ'‘‘. ,,אפֿשר וועט דער קאַנדידאַט אָ'‘‘. ,,אַ וואָרט האָט אָנגעריסן בײַ אַ לעזער... דאָס וואָרט וועגן דעם ,

מיטעלערן וועג, אָדער שיטה פֿון דעם בינוני",,,,
קאָר II.
אָנרײַסן — טרוו. ← דפֿוו. 1. רײַסן,
אָפּ־־
רײַסן אַ סך (וויפֿל מע דאַרף אָדער מער) און
אָנקלײַבן. אָ, קאַרשן. אָ, גאָרטנוואַרג. אָ אַ
,
קויש מיט עפּל. אָ, אַ בוקעט בלומען. אָ,
גרינס אויף שבֿועות. אָ, הושענות בײַם טײַכל.
"קצר מלא ידו תלש מלא קמצו, —.. ווען ער
האָט אָפּגעשניטן אַ פֿולע האַנט אָדער ער האָט
אָנגעריסן אַ פֿולע פֿויסט און [עס] איז
אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד — געהערט דאָס צום
בעלי־הבית,,, זרעים, יח/א. ,,אָפּגעזוכט די
קרײַטעכץ וואָס דער בעטלער האָט געהייסן
און האָט אָנגעריסן אַ פֿול טאָרבעלע,,, אַגאַנץ
נאייע שיינע מעע)ה פֿון דעם באַהאַלטענעס
חכם, וואַרשע, יאָר? ,,איך לויף ווײַטער אָ,
פּאַפּיר [ליידיקע זײַטלעך] פֿון די ספֿרים",
י. א. קאַצאָוויטש, 6o יאָר לעבן.
2. אַ ביסל רײַסן, אײַנרײַסן. אָ אַ לאַץ. אָ,
,
אַ קאַלאָשע פֿון די הויזן. אָ אַ בלעטל פֿון בוך.
,

3 פֿאַרשאַפֿן עמעצן פֿיזישן ווייטיק ווי אַ

.

שטראָף. אין די אויסדרוקן: אָ, אַן א ו י ע ר
(די אויערן). אָ, די ז ײַ ט ן.
אָנרײַסן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך אַליין

- -

--

פֿאַרשאַפֿן אַ ווייטיק, אַ צרה. שרײַען און אָ,

1 53

זיך דעם האַלדז (די האָרלע) — ווערן
הייזעריק. אָ, זיך די לונגען. *אָ, זיך די קישקעס =
א) שרײַען מיט באַנומענע קולות; בּ) זיך ווײ
טאָן בײַם טראָגן, בײַם שלעפּן. שלעפּן שווערע
משׂאָות און אָ, זיך — קריגן אַ בּרוך, אַ בּראָך.
אָפּטאָן שפּיצלעך, שטיפֿערײַען און זיך אָ, —
אַרײַנפֿאַלן, קריגן אַ פּסק. רייכערן אָן אויפֿהער
און זיך אָ, פֿון הוסט. 2. זיך וואַרפֿן אין
די אויגן. זיך אָ, איבּער דעם חוצפּהדיקן
אויפֿפֿירן זיך. „די וואָס זייער וואוינונג האָט זיך
אָנגעריסן בײַ דער פּאָליציי און זיי האָבּן ניט
געטאָרט קומען אַהיים נעכטיקן — האָט ער

פֿאַרזאָרגט מיט אַ נאַכטלעגער,,, אַר, 'דער כּשרער,.

־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)

— וואָס אַרבעט אין אַ סאָד, אָ גאָרטן ־עריי.

— .

אָנרייען 1 — טרוו. ריי אָן, ~געריית. שטעלן אין רייען. דזוו אויסרייען (ז. 358). אָ, די קינדער צום שפּאַציר. אָ, זאַכן ווי בײַ אַן אויספֿאַרקויף.

אָנרייען ll — טרוו רייע אָן, ~גערייעט. מג, מיטן־גאַליציע אוקר. 1. אָנגראָבן, אָנראָיען. אָ, קאַרטאָפֿל. אָ, גריבער אויפֿן שטראָז.

2. אַנפֿילן. אָנפּאַקן. פֿול מאַכן. [ ]: [ ]- ,,אַלע פֿענצטער זענען אָפֿן און קאָמאַרן האָבן אָנגערייעט דאָס הויז".

אָנרייפֿן — טרוו. רייף אָן, .־,גערייפֿט. אַרומלייגן, אַרומקלאַפֿן אַרום עפּעס אַ רייף אָדער רייפֿן. אָ אַ פֿעסל. ,,צי ער האָט אויסגעשמידט,

אַ פֿאָדקעווע, צי ער האָט אָנגערייפֿט אַ ראָד... אַלץ האָט יאָסל געטאָן מיט ברען",

ש. דמ ק, אין יענע יאָרן, נ"י 1950.

אָנרייפֿן — אוטוו. רײַף אָן, ~גערײַפֿט.

-

צײַטיק ווע ן מיטאַמאָל, אין אַ גיכן טעמפּאָ.

-

דאָס אָ, פֿון עקאָנאָמישן קריזיס. „הײַ־יאָר האָט דער מײַ פֿרי אָנגערײַפֿט„, חג, דורות, נ"י 1945.

אָנרײַץ — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנרײַצן. אָנטרײַב, סטימול, חשק. געבן אַן אָ, צו מאַכן די רײַזע. באַקומען אַן אָ, צו פֿאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעט.

אָנרײַצונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנרײַצן. אַן אָ, קעגן ייִדן. אָ, פֿון הויט. „דיא אַן רײצונג דער בּיזן ענגלן...", יוסיפֿון, אַמשט 1 16, רעט/ב. "קיין אַן רייצונג נאָך פֿײַנטשאַפֿט ווערט זײַן אין איר שאַרן„, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, סג/ב.

2. אַרכ. נסיון. „און, פֿ ן די גרושה אַן רייצונג... זיא [די נשמה] איז פֿר פֿירט גיווארן", חה, אַמשט 1716, קנג/ב. „האשׂטו גרעשׂרין אַן רייטצונג גיהאט אַלישׂ יוסף הצדיק", גה 141.

אָנרײַציק — אַדי. נעאָל. דזוו אָנרײַצעוודיק.

אָנרייצן — טרוו. רייץ אָן, ~גערייצט. 1.
אָנהעצן, דערבּייזערן עמעצן אויף עמעצן.
אויפֿרודערן, אונטערהיצן צו טאָן עמעצן שלעכטס.
אָ, דעם המון צו מאַכן אַ פּאָגראָם. אָ, די ווילדע
חבֿרה זיי זאָלן זיך וואַרפֿן שלאָגן. מסt
פֿאָרטײַטשט 'הנני משליח בך, (שמות ח, 1.):

אָנרייצער

,,וויל אַן רייצן" [תּי ,,אָט שיק איך אָן,,]. תּי
פֿאַרטײַטשט 'וסכסכתּי מצרים בּמצרים, (ישעיה,
יט, 2): ,,און איך וועל אָ, מצרים אויף מצרים".
"קונדסים יאָגן פֿון אַלע זײַטן נאָך עפּעס אַ
דאַרער, מאָגערער קל אַטשע, רייצן אָן אויף
י
איר גאַנצע טשאַטעס הינט פֿון אַלערליי מינים,,,
ממוס, קליאַטשע. ,,[רשעות לגבּי ייִן] איז
געווען אַ פּראָדוקט פֿון דעם בּלינדן פֿאַנאַטיזם
וואָס האָט געהערשט אין מיטלעלטער און וואָס
האָט אָנגערייצט איין רעליגיע אַנטקעגן דער
אַנדערער", זשיט III, נ"י 1919 פּפֿ: אָ, ווי
.
אַ הונט, וו אַ כּלבֿ, וו אַ געדונגענעם

גער, ווי אַ פּריץ דעם הונט, ווי אַ שיכּורן פֿויער.

2. סוגעסטירן, אינסטיגירן, אָנרעדן, באַווירקן צו טאָן עפּעס שלעכטס. „איזבֿל... האָט אַן גרייצט ולש [= □אַלש] עדות צו זאָגן, אויך אירון מאַן אַן גירייצט צו אַלין בּיזן“, בּראנט, פּרק ב. “שׂטן איז טײַטש אַן רייצן„, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק 1718.

3. מעורר זײַן, אויפֿוועקן. שטויסן אין אַ באַשטימטער ריכטונג. „דען דר (יצר הרע) רייצט דען מענשן אַן וואו פֿון דז ער הנאה הוט“, לט1, ג/ב. „איר לושׂט האָט זיא פֿר פֿירט אונ, דיא בּיגערליכקייט האָט זיא אַן גירייצט“, חה, אַמשט 1716, קנא/בֿ. „ניכט איינה אייגנליבּע איז ער דיא מיך אָנגערייצט האָט.... אונטער דען גלעהרטן גצעהלט צו ווערדן“, משה בּן מתּתיה מקאסיל, איבּז, ספֿר תּפֿתּה ערוך וספֿר עדן ערוך, מעץ 1777. „אַ מענטש זאָל שטענדיק אָ, דעם יצר־טובֿ אויפֿן יצר־הרע אַז ער דאַרף אָנקומען דערצו„, תּניא, 156. “זאָגט אונטער דײַן לעבּן צו בּויען לויט שיינקייט־געזעצן, און רייצט אָן אויף איר,

אויף דער שיינקייט, דײַן בלוט און דײַן מאַרך“, האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

4. אָנהייבן, פֿאַרפֿירן אַזוינס וואָס בינדט זיך מיט אויפֿרייצן. „און, זי אום רינגלטן און, זי גינגן צו דען בערג און, הבן אַן גרייצט איין שטרײַט“, יוסיפֿון, פֿיורדא 1764, קכה/א. „משיח בן יוסף וועט אָנרייצן מלחמה מיט מלך אדום און וועט דעם מלך אדום בײַקומ□ן„, אבֿקת רוכל, לעמבערג 1850.

5. צעררייצן. אויפֿרייצן (→ 488). צו פֿיל קראַצן די הויט און זי אָ'. אָ, אַ וֹואונד. אָ, דעם אַפּעטיט.

מיט ז י ך — „דיא דא פֿר לאָזן דיא תּורה, דיא לובן דעם רשע, און, די היטר פֿון די תּורה זאַלן זיך קעגן זיא אַן רייצן„, חה, אמשס 1716, י/ב. ־עכץ. ־עניש.

אָנרייצעוודיק — אַדי. 1. וואָס קען אָנרייצן. אָ'ע דעמאַגאָגישע רייד. אָ'ע בלבולים. 2. וואָס איז צוציִעוודיק פֿאַרפֿירעריש. אָ, ווי לילית, ווי דער יצר־הרע אין אַ קליידל.

אָנרייצער — דער, ־ס. ווּ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס רייצט אָן. אונטערהעצער, מחלוקתמאַכער. „אַן אָ, איז ערגער ווי אַ שלעגער“.

,,ניט צו הערן די אַן רייצר אונ, די וואָס פֿר שטוסן ▯ון גאָטשׂ דינסט“, ע]וז, ד/א. “ער

אָנריישן

איז [דער ▯אַלשער עדות] אויף זײַן וואָרט גבליבן, גלײַך דיא אַן רייצירס אים גרייצט האבן“, שאַר, קכח. ,,ער איז געוועזן איבר זיא איין מאַן אי▯ן אַן ריצר אונ, איין קריגר“, יוטיפֿון, אַמשט 1661, רו/ב.

אָנריישן — טרוו▯ רייש אָן, ▯ ,געריישט. אָנפֿרעגלען (געוויינלעך מיט ציבעלע) אַ סך מיטאַמאָל (← אויסריישן, 358; אונטערריישן, 783). “די מוטער האָט שוין מיט אַ לויט שמאַלץ צוויי מאָל אָנגעריישט“, גדליה פֿרענ▯קעל, שריפֿטן, אַמסט 1932. ־עכ▯ן.

אָנריכטונג ▯. די, ־ען. אַרכ. 1. אײַנאָרדענונג. אײַנשטעלונג. צווּוענדונג. “האָפּט ער פֿיל יאָר צו לעבן, ווערט יושׂט [= אין גלײַכער מאָס] זײַן אַן ריכטונג פֿר ענדרט“, בע, ז/ב. “דאָס אַן ריכטונג פֿון זײַן גבעט וואשׂ ער האָט גיבעטן פֿאַר די לײַט פֿון סדום“, מלרה,

יג/ב.

2. שלאַכט־ליניע.)בּ פֿאַרטײַטשט ,מערכה, (שמואל א, יז 21): “אַן ריכטונג“. ,,און, זיא אַן ריכטיטן ישׂראל און, די פּלשתּים איין אַן ריבטונג קיגן דעם אַנדרן אַן ריכטונג“, סהמ, דאָרטן [תּי: ,,אַ ריי קעגן אַ ריי,,].

3. דערהויבּונג. ערנסטקייט. ריכטונג אויף אַרויף. ,,דאָשׂ מיר זאָלן דינן דיך מיט פֿרייד ן און אַן ריכטונג אַן דײַן הייליגן נאָמן,,, תּחנות ובּקשות, ווילנע 1858 [איבּערדרוק פֿון דיהרנפֿורט 1798]. “לאָז מיך וויסן צו פֿאַרשטיין דאָס אָ, פֿון דער תּפֿילה“, מחזור קרבּן אַהרן, ווילנע תרכ,,ח.

אָנריכטן — טרוו. ריכט אָן, ~געריכט.

bte [:Mhd. אַרכ. טוו פֿאַר ,ערך'.

דערפֿון די פֿאַרשיידענע בּבּ פֿון אָ'. 1. צוריכטן, צולאַדעווען, בּרענגען אין אָרדענונג, אַוועקלייגן עפּעס אין אַ סדר. בּאר התּורה פֿאַרטײַטשט 'ויערך את העצים, (בּראשית, כב, 9): ,,און ער האָט אָנגעריכט די העלצער“ [תּי: “האָט אויסגעלייגט דאָס האָלץ,,]. ,,אַן דיזן לחם הפּנים דז מן אַלי שבּת מושׂט אַן ריכטן א דען (בּית המקדש),,, [סידור] תּפֿלה למשה. ,

דעסוי 1696.

2. צוגרייטן אַפּרִיער. „דאשׂ גיהנם דז ער

האָט אַן גריכט פֿון ▯פּאָרנשׂ אי דיא וועלט איז וואַרן בּישאַפֿן“, מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קטז/א. “אַנטפֿאַנג דיא אַן ריכטונג מײַנשׂ הערץ דז איך האבּ אַן גריכט דיא צעהן טעג„, מחזור ר“ה ויו“כ, הומבּורג 1721, כז▯. „ער האָט אָנגעריכט זײַן גאַנג„, נס, משפּחה מאַשבּער.

3. ספּעצ צוגרייטן שפּײַז. אײַנאָרדענען אַ מאָלצײַט, אַ סעודה. גרייטן דעם טיש. “ פֿרייטאג ריכט אַן וואשׂ דוא דאַרפֿשׂט אַן צו גרייטן אויף שבּת„, מחזור שלש רגליס, אַמשט 1713, רטז/ב. „מאג איך בּיום ה, דרויף איין סועדה אַן ריכטן אונד צוואַנציג פּרשונן מלבַד מחותּנים ומחותּנת, זין, טעכטער, שניר, איידמר“, 'פּראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תקכ“ז. „קאַן דען גוט אַן ריכטן איין טיש און, קאַן אונשׂ צו עשׂן געבּן אין דער מדבּר„, סהמ, תּהלים,

עח, 19. „קער זיך דער מענטש משׂמח זײַן אום שבּת און רעכט אָ, זײַן טיש משׂמח צו

זײַן די עליונים ותחתּונים", נוצ I, זשיטאָמיר תּרכ"ג, רפּב.

4. גרייטן. פּלאַנעווען צו טאָן שלעכטס. "וויא דער ורום ירמיה טוט איבּר ירושלים קלאג אונ, זיא אים ווען דער שלאָגן. אונ זײַן אייגיני משפּחה אויף אים סם המות אים אַן גיריכט", שעריר, הקדמה. ,,... אַן צו ריכטן זוינד [= זינד] אונ, שאַנד", ווינץ "גרושׂי רשעים איבּר זיך גיהאבּט, דיא פּיל בּיז האבּין אויף קהל וואָלין אַן ריכטין,,, גה, 57. "דער שׂר של אדום האָט אָנגעריכט קעגן דיר ס'גאַנצע געזינדל חיצונים" בּאַש פּאָר,

,

29 1959 II.

5. אָנהייבּן פּאַרפּירן (און פּיון) אַ מלחמה,

,

קריגערײַ אע. אָ, אַ מ ל ח מ ה — אין חדרלשון, אויך תּי. אויך: אָ, די כלי־מלחמה. מ t פּאַרטײַטשט 'ויערכו אִתּם מלחמה, (בּראשית, יד, 9): "אונ, ז א אַן ריכטן,,.. ,,אונ, זי קאמן... אויף דען אורט דשׂ ער אַן גריכט הט דען שטרײַט", יוסי ון יורדא 1764, קכה/א.

’
"... ער וואַר אבֿר איילנדיג גיוועזן... אונ,
הט אַן גיריכט אי ן מלחמה קיגן אים,,,
אלכּטנדר סענדר עטהויזן, בּית יע)ראָל ובֿית
הבּחררה, אַמשט 1724, גו. זן אין
אַרבּינדונג מיט פֿריד(ן). "זאָלשֿט פֿאַר זיא אַן
ריכטן פֿריד,,, מחזור שלש רגלים אַמשט 1713,
סט/א.
6. איַינשטעלן. עטאַבּלירן. ,,אונ, איין
בּישטענדיגין פֿרידן מיט בּיידע רייכין זולטין אַן
ריכטן", גה, 94. "בּאור החיים צום איבּיגן
לעבּן אַן גיריכט,,, 'קינות אויף כמעלניצקיס
גזרות', פֿראָג 1648 (?) [מוו, בּילדער פֿון דער
ייִד ליט'־געשיכטע]. "דוא האַסט די גאַנצע
ערד גגרונדפֿעסט מיט קלוגהייט אונ האַסט
אַן גריכט דיא הימל מיט פֿערשטאַנד", שערי
דמעות תּחינה, בּרעסלוי תּר"י.
7. ווענדן, צווּוענדן. צו מאָרגן זאָלשֿטו פֿר
נעמן מיַין גשרייא, (בּבּוקר) אם מאָרגן (
ערוך) וויל איך אַן ריכטן מיַין תּפֿילה צו דיר",
טהמ תּהלים, ה, 4.
מיט ז י ך — צוגרייטן זיך. ,,מיר וואָלן זיא
לושֿן שטריַיטן, זיא ריכטן זיך זער אַן. מיר

וואָלן וואונדר זינגן בֿון איינם קליינן מאָן,,,
שמואל־בוך, סטראָ ע 304.
אָנריכטעווען — טרוו ־טעווע אָן, ~
געריכ.
טעוועט. פּפֿ: ,רעכטעווען. 1. אָנשטעלן
אַ ציל. אָ אַ האַרמאַט צו באַשיסן אַ פּאָזיציע.
2. אויסלייגן פֿאַר זיך אַ פּלאַן פֿאַר אַן
אונטערנעמונג פֿאַר אַ נײַעם קורס. אָ אַ
מאַר,
שרוט פֿאַר אַ רײַזע מעבֿר לים. 3. צופּאַסן,
אַרײַנפֿאַסן. צודרייען. צופֿעסטיקן. אָ, די
מוטערקעס צו די שרויפֿן. אָ, די שטיקלעך ציגל אין
די לעכער. 4. אָנגרייטן.
אָנרימען — טרוו. רים אָן, ~גערימט.
אָנלויבן. רימען אַ סך. אָ, דעם שרײַבער פֿאַר
זײַן נײַ בוך. אָפֿט מיט ז י ך — אָ, זיך מיט
די אייגענע אוי טוען.

אָנרירן
אָנרימפּלען — ← אָנרומפּלען.
אָנרינען — אוטוו. רין אָן, האָב & בּ י ן

~גערונען. 1. רינען בּיסלעכווײַז בּיזן פֿול
ווערן (פֿון אַ כּלי). "עס האָט אָנגערונען אַ
פֿול פֿעסל רעגנוואַסער". 2. אַרײַנרינען,
אַראָפּרינען. אָ, פֿון דאַך פֿון בּאַלקן. „ס'וועט

,
אָ אַ גאַנצע לוזשע אויף דער פּאָדלאָגע".

,
אָנר⃞ען — ← אָנראָיען.
אָנריסעווען — טרוו ־סעווע אָן, ~
געריסע.
וועט. סל. אָנצייכענען. אָנמאָלן. אָ, מיט אַ
בּלײַפֿעדער אַ פּראָפֿיל. אָ, דעם פּלאַן פֿון הויז.
אָנריסען — ־פֿע אָן, ~געריפּעט. אוטוו —־
אַרויסגעבּן סקריפּענדיקע, גרילציקע, בּכלל
ניטאָנגענעמע קלאַנגען. אַ צעפּאָרענער וואָגן וואָס
ריפּעט אָן בּײַ יעדער בּאַוועגונג. טרוו —
שלעכט, גרילציק, מיט צו פֿיל טומל אָנזינגען,
אָנשפּילן אויף אַן אינסטרומענט. אָ, אַן אַלמן
מאַרש.
אָנריצן — טרוו ריץ אָן, ~געריצט.
אָנראַצן, אָנקראַצן. אָנקריצן.
אָנריר — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנרירן. „כ'וואַש די הענט ווי נאָך
אַן אָ, פֿון אַ שרץ", הל, מהר"ם מרוטענבּורג.

„סון שטילן אָ, מײַנעם נעמסטו צאַפּלען“, חג, פּליטים. „איבער מיר דער טאַטע שטייט געבויגן... כ'פּיל דעם אָ, פֿון זײַן עלנבויגן„, סוצ, בלאָנדער באַגינען. „דער פֿאַרבאָט [וועגן ייִן נסך] איז בלויז חל אויף דעם אָ, פֿון אַ גוי און נישט אויפֿן אָ, פֿון אַ פּושע־ישׂראל„, ש. מ. בלומענפֿעלד, איק, ר„ה תּשכ“א.

2. מינימום פֿון אַ שײַכות פֿון אַ נאָענטקייט. „מיר ווינטשן זיו צו האָבן כאָטש אַן אָ, אין די פֿאַרגאַנגענע דורות„, הרבֿ מאיר שוואַרצמאַן, טמז, 27 IX 1963.

אָנרירונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנרירן. „צופֿעליק האָט מיך אַ שטורעם גענומען און האָט מיך פֿאַרוואָרפֿן אַהין, וואו איך בין אָן וויסן, אָן דענקע געקומען אין אָ, דאָרט מיט מײַן מין“, ש. ז רובין, 'ליד, [מינפּי III]. “זי האָט צוגעלייגט איר האַנט צו מײַן שטערן און די אָ, האָט אַרויסגערופֿן אַ ציטער אין אַלע מײַנע גלידער„, איבז, דוד שחר, איק ר“ה תּשי„ח.

אָנרירן — טרוו. ריר אָן, ~גערירט. „'לנגוע, — אַן רירין“, אבֿ, שמות דבֿרים, איזנע 1542.

1. קומען אין קאָנטאַקט מיט אָ האַנט, מיט אַ טייל פֿון עמעצנס אַ קערפּער. אָ, מיט דער

רעכטער האַנט. אָ, מיטן עלנבויגן. אָ, מיט אַ
פֿוס. אָ, יענעמס אַקסל, ער זאָל זיך
אומדרייען. אָ, די שפּיץ פֿינגער אַנשטאָט צו געבן
שלום־עליכם ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אָ, איר
האַנט בגנבֿה. *ער איז — קוק מיך אָן, נאָר
ריר מיך ניט אָן = ער איז אַ שוואַכער, האַלט
זיך קוים אויף די פֿיס. *זי איז — קוק מיך
אָן, נאָר ריר מיך ניט אָן = זי האָט ליב מע
זאָל זי באַוואונדערן, אָבער זיך ניט צורירן
צו איר. "און, ווען דיא... ורויא איז
אונריין דא שייט זי זיך פֿון אירם מאַן, און,
טאָר אין ניט אַן רוירן אַפֿילו מיט אירם

אָנרירן

קליינן פֿינגער„, בראַנט, פּרק לג. "האָט זיך
ניט פֿון קיינם מאַנשׂ פּרשון איר לעבּ טאָג
לאָזן איר בלוסן לייַב אַן רירן„, עפּש, דרך
הישר לעולם הבא, שקלאָוו 1796, פּרק כה.
„די תּורה וויל ניט האבּן דז מן זאַל דאז ווייַבּ
[ווען זי איז אָ נידה] מיט איינם קליינן
פֿינגעריל אַן רירן", טח, ויקרא, טו, 19. „אַוועקט
פֿון מיר! ריר מיך ניט אָן!„, שע, 'מענטשן.
„וואָס ביסטו אַ פּאָרצעלײַענע פּאָפּקע וואָס מע

טאָר דיר ניט אָ',,, רייד (ווילנע). ‟געווינערין,
פֿאַרגעס ניט, אַז דו זאָלסט ניט אָ, בּשעתן
געבּורט דעם אונטערלײַבּ,,, אָזע בלעטער,
בּערלין 1927. ‟ער איז טמא ווען ער שטערבּט
און אַל דיא אין מת אַן רירן דיא זײַן זיך
,

מטמא,,, מחזור ר,,ה ויו,,כּ 1721, קטו/ב.
2. דז בּנוֹגע אַ זאַך. קומען אין אַ
קערפֿערלעכן קאָנטאַקט מיט אַ זאַך. אָ, די ספֿר־תּורה
און געבּן אַ קוש. ניט אָ, קיין פֿ ל י ג אויף
דער וואַנט = קיינעם ניט פֿאַרטשעפּען; זײַן
פֿרידלעך, גוטמוטיק, אַ מזג־טובֿ. ,,איך רויר
דיא בּילד ניט אַן,,, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 977.
‟ניט נאָר גאָט האָט ניט אַליינט פֿאַרבּאָטז פֿון
דעם עץ־הדעת צו עסן, אַפּילו ניט אָ, דאַרפֿן
מיר דעם בּוים‟, צור, בּראשית. ‟ווען מן אם
שבּת איין בּריבֿ בּרענגט און ער ווייש ניט
וואש דרינן שטיט, אַזו זאָל ער דען בּריבֿ ניט
אַן רירן — נייארט דער גוי זאָל אים נידר
ליגן, דר נאָך טאָר ער אים אין דיא האַנד
נעמען און, טאָר אין איבּר זעהן אבּר ניט
לייאנן,,, לט1, ס/ב. ,,אַזוי טאָר מען ניט אָ,
אַן די צוֹאה פֿון נאָז אָדער פֿון אויער אָדער

אַנדערע אומרייניקייט,,, איבּז הרבֿ ש. ז
שניאורסאָן, ספֿר בּרכות הנהנין, וואַרשע 1874.
"זעק... זײַנען אַרום געלעגן אין מיטן שטובֿ
און קיינער האָט זיי ניט געוואָלט אָ,,,, עט,
משליס, ווילנע 1925. ,,אויף די שליאַ ן יעדער
זאַמדל, שטיינדל, וואָס איך ריר אָן מיט מײַן
אורחדיקן פֿוס,,, הל, 'היים סאָוועטישע'. שרײַען
ווי מע וואָלט געווען אָ, מיט אַן אָנגעגליטן
אײַזן. "ניט אָ,!,, — אָפּטע אויפֿשריפֿט אין
שפּײַזקראָמען, מוזייען, אויסשטעלונגען אע
זײַן פֿ ו ס האָט די שטאָט (שטעטל, לאַנד)
ניט אָנגערירט = ער איז דאָרטן ניט געווען.
ניט אָ, עפּעס וואָס איז מ ו ק צ ה.

3. שאַפֿן אָדער דערלאָזן אַ קאָנטאַקט צווישן
צוויי זאַכן. אָ, דעם מאַגנעט אָן (אין) אײַזן.
ניט אָ, מיט אַ מעטאַל אַן אַנטבּלויזטן
עלעקטרישן דראָט. ,,דער בּלינדער רירט אָן מיטן
שטעקן זײַן וועג פֿאָרויס". ,,מן מוז דיא מיל
וואול בּיהויאן, אונ, מיט ווײַסן לײַליך אום
שלאגין דז דשׂ יום טובֿ מעל ניט אַן רירט אם
חמץ קאַשׂטן,,, ספֿר המנהגים, אַמשט 1723,
יג/א. ,,נעם אַ ציטרין אונ שטעק אים אַרום
מיט נעגעלעך אונ לאָז זי אַרײַן אויף אַ שנור
אין פֿאַס, זאָל ניט אָ, אַן דעם ווײַן, אונ דער

ווײַן וועט האָבּן איין ריח־טובֿ און זייער
גישמאַק,,, איין בּיכיל... וויא צו פֿר היטן דא□
גיזונד און צו פּרנסה פֿון פֿיל זאַכין ווא□t
דרינן שטייט צו האבּין, שקלאָוו 1795.□ ‘‘גם
קערן צו וויסן דאָס די וואָס פֿאַררוקן טשאָלנט

1□55

אַז זיי זאָלן השגחה געבּן אַז די טעפּ זאָלן
נישט אָ, דעם אויוון, אַפֿילו אָן דעם
טשאָלנטבּרעטל זאָלן די טעפּ נישט אָ, כּדי עס זאָל נישט
הייסן הטמנה,,, ספֿר שלחן ערוך חלק ראשון,
[אוי□לייג מאָדערניזירט. זשאָלקעוו? אָנהייבּ 19.
י‘‘ה?].
4. שלאָגן. בּכלל טאָן עמעצן שלעכטס. זיך
בּאַציִען שלעכט. ,,מע טאָר קיינעם ניט אָ',
ניט אַרויפֿלייגן אַ האַנט אויף קיינע□.. ‘‘אַ
יתום טאָר מען ניט אָ',,, שוו. ,,ריר מיך ניט

□ □ □

אָן, איך בּ□ן פֿון יעקבֿ אָבינוס קינדער‘‘ —
ווען אַ שוואַכער ייִנגל האָט געוואָלט זיך

אַרויסראַטעווען פֿון אַ שטאַרקערן. „ריר מיך ניט אָן, מײַן טאַטע איז אַ כהן" — ער איז אַ כעסן, ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט דיר." וועלפֿעלע, וועלפֿעלע, ריר מיך ניט אָן, איך גיי מצות באַקן" — אַזוי אויך ווע□ן יעדער אַנדערער מצווה. אַזוי זאָל אַ ייִדענע זיך האָבן געבעטן בײַ אַ וואָלף [איר וועגן דעם אופֿן ווי שוואַכע בעטן זיך בײַ שטאַרקע מע זאָל זיי ניט טשעפּען]. אַזוי אויך: „וועלפֿעלע... 'איך בין בײַ מײַן מאַמעשי אַ בת־יחידה"..

„ויצו אַבֿימלך — ער גבֿיט אויף זײַן פֿאָלק, ווער ווערט אַן רירן און יצחק זאָל גיטיט ווערין", נצ1, לא/ג. „איר זאָלט ניט אַן רירן אַן מײַני גיזאַלבֿטן און, אַן מײַני נבֿיאים זאָלט איר ניט איבֿלן", מחזור שלש רגליס, אַמשט 1713, י/ב. „ריר לייבֿושלען נישט אָן... איך וועל פֿאַרציילן ריוועלען", פּרץ, זכרונות... „נאָך אונדזער דין טאָר מען אַפֿילו... אַ הונט אויך נישט אָ'", שע, אײַזענבֿאַהן געשיכטעס.

□ער איז אַ גוטער (לײַטישער), ער רירט אַפֿילו דעם אמת ניט אָן — איר, ער זאָגט כּסדר ליגנס.

5. קריטיקירן. פֿירהאַלטן. אָ, עמעצנס חסרונות. "איך וועל ניט אָ, זײַן סטיל, ווײַל דאָס

איז דאָך דער מענטש“. „פֿאַרצײַ מיר, כ'האָב
אַוודאי אָנגערירט דײַן הינעראויג“, אַר, ,
מאָדערנער ראָמאַנס'. „טרעפֿט אַמאָל אַ שווערער
דין / וואָס מע קען אים ניט אויספֿירן, / נאַרט
מען גאָט, גייט אום דעם זין / נאָר דאָס וואָרט
ניט אָנצורירן“, ילג, יחת־חולין, וואַרשע
1889. “דער רעדאַקטאָר האָט מיט מיר
אויסגענומען... איך זאָל נישט אָ, קיין מנהגים,,,
פרץ, געדאַנקען און אידייען. די פֿאָרשטייערס
פֿון די אינסטיטוציעס טוען אַלץ כּדי זיי ניט
אָנצורירן,,, ש. קאָטשערגינסקי פֿאַש, 1951

,

3 III. „ער האָט געזוכט אויסצומײַדן אַלץ
וואָס וואָלט באמת געקענט אָ, די קריסטלעכע
אָדער יידישע געילן,,, שנ, שלום אַש.
6 פֿאַרטשעפּען פֿאַרשאַפֿן אַ געפֿיל פֿון

. .

פֿאַרדראָס, באַליידיקונג אע. אָ, עמעצן מיט אַ
וואָרט. „וואָס ערנסטער און אויפֿריכטיקער
אַ שרײַבער איז, אַלץ מער רירט מען אים אָן
פערזענלעך, ווען מע טשעפּעט זיך צו זײַנע
אידיען,,, שנ, קריטיק און קריטיקער. „און
די דאָזיקע ווערטער אירע רירן שטאַרק אָן

די עלטערע שוועסטער,,, בערג, אין אַ
פֿאַרגרעבטער שטאָט. אָ, עמעצנס כּ בֿ ו ד (האָנער,
יחוס אע) — באַליידיקן אָדער כלומרשט

באַ אָנרירן

ליידיקן. אויך: אָ, זײַן מ ו ר נ י. ,,זאָלט איר
געווען זען ווי דער איז געוואָרן אַ
פֿאַרביטענער, אַקוראַט ווי מיר האָבן אים באמת
אָנגערירט זײַן האָנער,,, ממוס, 'בישיבֿה של מטה,.
,,ער האָט ניט געמיינט אָ, דעם פּריצס האָנער,
ער האָט זיך גלאַט אויסגערעדט דאָס האַרץ,,,
די מעע)ה פֿון פּיער ברידער, וואַרשע 1906.
,,לע..עתּה זעען מיר נאָר אַזוי, רירט ען אָן
עמעצן בײַם קנעפּל... פֿאַרגעסט ער זיך
גאָר און ווערט אין כּעס", קמ, 25 1865, No.
,,דו ביסט, ווײַזט אויס, ברוגז געוואָרן, וואָס
איך האָב דיר אַ ביסל אָנגערירט די
גערהאַלדיע,,, אליהו בראָנבערג, אָצעקלאָצער
בריוועלאַך, לוצק 1927.
7. נוגע זײַן ניט לטובֿה. האָבן אַ שײַכות
צו עמעצן אָדער עפּעס און קען פֿאָרשאַפֿן אַ
שאָדן. דער גאַנצער ענין רירט מיו (ניט) אָן.
פֿאַרשטייט איטלעכער אַז די מסירה רירט

,, —
ניט אָן מיך אַליין, נאָר דעם כּלל ישׂראל,,,
ר, יום־טו□ ליפּמאַן העלער, ספֿר מגלת אי□ה, לובּלין 1895. ,,וועגן די מצוות וואָס אים אַליין אָנרירט. וועגן זעלכע מצוות וואָס אַן אַנדערן אָנגייט“, קיצור חובֿות הלבֿבות עם עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844. ,,דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט מער וועגן יחיד, דאָ איז אָנגערירט געוואָרן דער וואָרצל פֿון ישׂראלס בּוים“, אַש, תּהילים־יוד.

8. דריטפּערזאָניק. נוֹגע זײַן. אַרן. האָבּן אַן אינטערעס פֿאַר עמעצן. אַרויסרופֿן זאָרג. דאָס רירט מיך (ניט) אָן. עס רירט מיך אָן ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי (ווי אויף דער לבֿנה אַ יריד, ווי דעם גלחס גאָספּאָדינע) = עס הייבּט ניט אַן צו אַרן. ,,בּרודערקע, עס איז דײַן קאָפּווייטיק און עס רידט מיך ניט אָן,,. ,,די מאָבּיליזאַציע רירט אָן יונגעלײַט נאָר בּיזן עלטער פֿון 25 יאָר,,. ,,קיינער שווײַגט ניט שטיל, עס רירט אָן איטלעכן“, ממוס, שלמה. ,,דאָס געזעץ פֿון מעדיציניִשער כּאַזאָרגונג... רירט אָן יעדן איינעם אין לאַנד,,, פֿאַש, 1965 □1 X.

9 פֿאַרשאַפֿן מאַטעריעלן שאָדן. צונעמען

.

פֿרעמדס. ניט אָ, קיין פֿרעמדן גראָשן. אַ,
יענעמס גוטס. אָ, יענעמס פּ ר אַ צ ע (ס) =
צונעמען וואָס יענער האָט דערגרייכט דורך זײַן
אַרבּעט. אָ, יענעמס ק ע ש ע נ ע. „מיר האָב
אויך ניט אַן גירוירט אַן אַלעם דעם דז דא
זײַן גיוועזן איז„, יוסיפֿון, אַמשט 1661, שנז.
„ווען ער טוט זיך פֿר לײַטן שעמן... זײַן
חבֿרשׂ וואשׂ אַן צו רירן אבּר נעמן — מאגשׂטו
אים הלטין פֿר רעכט פֿרום“, עיון, כא/א.
„דו זאָלסט דיך אײַנהאַלטן די הענט פֿון
אָנצורירן וואָס ניט דײַן איז“, קיצור חובֿות
הלבֿבֿות עם עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָוו 1844.
“וועט ער אין נויט קומען, וועט ער מוזן אָ,
די קהלשע קאָראָבקע־געלס„, א. י. סאַפֿיר
אויס מינסק, חטאת הקהל... II, ווילנע 1881.
„אַז ער האָט געפֿונען די כּלי אין מיסט...
טאָר ער אָן דער כּלי ניט אָ', דאָס הייסט ער
טאָר איר ניט צונעמען“, שהמ, יד/ג.
10 פֿאַרשאַפֿן זיך אַליין מאַטעריעלן שאָדן.

אָנרירן זיך

פֿאַרמינערן אָדער אינגאַנצן אויסניצן דאָס
פֿריִער אָנגעזאַמלטע. אָ, דעם גרונט־קאַפּיטאַל.
(ניט) אָ, פֿון קרן פֿון נדן. (ניט) אָ, פֿון דער

ירושה.
11. דערמאָנען בײַ אַ שמועס. באַטראַכטן
בּ— אַ וויכּוח. אָ, די וויכטיקסטע פֿראַגע וואָס

שטייט אויפֿן סדר־היום. אָ אַ פּראָבּלעם. ניט

אָ אַ דעליקאַטן ענין פֿעליע האָט אָנגערירט

די אָנגעווייטיקטע פֿראַגע אין פֿאַמיליע־לעבּן,,,
ספּ, סודות. ״זי האָט אַ בּיסל פֿאַרטשעפּעט די
ווײַבּערשע סטרונקע... אָנגערירט די יאָרן.
האָט זי אומגעבּיטן דאָס געשפּרעך״, מ. טאַמאַ
ראָוו, אַ געשפּרעך פֿון צוויי ווײַבּער אויפֿן
ריהמאָרגען, מאָזיר 1913. אָ, אַ (די) וו א ו נ ד
= אָ אַן ענין, אַ פּראָבּלעם, וואָס איז
פֿאַר,
בּונדן מיט אַ צרה, אַ קראַנקייט אין
געזעלשאַפֿטלעכן אָדער יחידישן לעבּן. אָ, זײַן
וואונד פֿאַרוואָס די ווײַבּ האָט אים
אויסגע, —

ביטן אויף אַ צווייטן. „מיר רירן דאָ אָן אַן אייטערנדיקע וואונד אין דעם לעבן פֿון דעם

ייִדישן פֿאָלק„, זשיט III, נ״י 1919. *אָ, וו ע ל ט ן — א) אָ, אַ סך פּראָבלעמען מיט וועלט־ענינים; ב) איבערקעון דעם סדר־עולם. „געווען אַ צדיק וואָס האָט אָנגערירט וועלטן, ממש מחיה מתים געווען„, קמ, 42 1868, No.

12. אומפּ אָדער דריטפּערזאָניק. (אַ ביסל) געשעדיקט ווערן פֿון אַ קראַנקייט. עס האָט אָנגערירט די לונגען; דאָס זיצן אין תּפֿיסה האָט אָנגערירט די לונגען. איבער די שלעכטע שפּײַזן זײַנען די נירן אָנגערירט געוואָרן. עס האָט אָנגערירט אַן אויער נאָך דער גריפּע.

13. אייפֿעמיזם. האָ ן סעקסועלן אַרקער. „ער זאָגט צו דעם פֿאָלק: זײַט בירייט צו דרײַא טאָג ניט איר זולט אַן רירן צו איינר ורויאן„, טח, שמות, יט, 15. [תּי: „גענענען„]. „דער דא קומט צו זײַנום חבֿרת ווײַב ווערט ניט ריין איטלבר דער דא אַן רירט אַן איר״, סהמ, משלי, ו, 29. [,הבא אַל אשת רעהו לא ינקה כל הנגע בה'. אָ, אויך בײַ מס, אויך תּי.] ״בין אַלזו פֿון איר גנגן, האב זי ניט אַן גירירט״, 'שו„ת הרמ״א', קראָקע 1640 [הש I]. „אם יום כּפּור דארפֿשׂט דוא... דײַני פֿרוי ניט אַן

רירן,,, ע)ה, פֿיורדא 1723, ה,. ,,האָט זי אים געזאָגט, ער זאָל איר צוזאָגן, ער זאָל זי ניט אָ, ביז ער וועט קומען אַהיים און וועט מיט איר חתונה האָבן כּדת,,, נחבּ, ,מעשׂה ממלך וקיסר'.

אָנרירן זיך — ← דפֿוו אָ, זיך אין עמעצן און זיך אַנטשולדיקן. ״... סכּנה אַז אַ מענטש רירט זיך אָן מיט אומאָפּגעגאָסענע הענט דאָס מויל אונ די נאָז אָדער כּדומה אויף אַן אבֿר,,, דבֿרי חכמים, יאָר? לבֿובֿ? ,,אַך קען ער זיך ממית זײַן דורך דעם דשׂ ער זיך אַן רירט אַן די אַדר לאָז זונדר גיוואַשן״, מהמ, אַמשט 1722, כג/א. ״אַך בײַא זײַן פֿרויא טאָר ער [דער אָבֿ▯ ניט ליגן... אודר הלזן נייארט אַן רירן מעגן זיי זיך וואיל״, ש. פֿראַנקפֿורט, ספֿר החייס, זולצבּאַך תקנ״א, כג/ב. ״דאָ אין שטעטל איז אַ מנהג אַז אַ נקבֿה גייט פֿון ט▯ילה

1656

דאַרף זי זיך אָ, אָן אַ ייִנגל״, בינטשע די צדקתטע, וואַרשע 1883.

־עכ▯ן. ־עניש.

אָנרירנדיקערהייט — אַדוו. ‟ס איז געפֿאַלן איצט דער ערשטער שניי... פֿאַמעלעך, לופֿטיק, ניט אָ, האָט דער שניי אַלץ אַרום באַדעקט„, ברוך גלאַזמאַן, שטיינונעבס, מאָסקווע 1925.

אָנרירעוודיק — אַדי. וואָס מע קען אָנרירן. אָ'ע זאַכן. אָ'ע ענינים.

אָנרעג — דער. בא 1. אַקט פֿון אָנרעגן, אינעווייניקסטער אַ'. אָ, צו טראַכטן, צו מעשׂים, עפּעס צו טאָן. אַן אָ, פֿאַר באַנײַאונג. 2. רעזולטאַט פֿון אָנרעגן. „אַדאַנק דעם אימפּעט און אָ, פֿון די פּראָלעטאַרישע קאַמפֿן‟, נאד. „האָב איך זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן פֿון אָ', פֿון עפּעס אַ ציטער„, סעג, אַ בוים פֿון פוילן „עס איז יענער פּסיכישער שטאָף אין אונדז, וואָס בײַם ערשטן אָ, איז ער גרייט אַרויסצושווימען פֿון דער טונקלעניש‟, צײַט, איק, פּסח תּש‟ך.

אָנרעגבאַר — אַדי דטשמ נר. אָנרעגעוודיק.

אָנרעגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנרעגן. אַן אָ, צום לערנען זיך. אַן אָ, פֿון אויבן. עטישע (קינסטלערישע) אָ'. ‟העכסטנס דינען די ווערטער און דער באַטײַט זייערער וו אַ מין אָ, וואָס רופֿט אַרויס דעם

באַטײַט,,, ש. סוסקאָוויטש, דווקא, No 60. ,,האָבּן
וויי דאָך אַרויסגערופֿן אַ געווינטשטע
שעפֿערישע אָ, און ניט קיין אויפֿרעגונג,,, הל, טאָג,
7 XII 1957. “ער איז דאָך... איינער פֿון די
געציילטע פּאָעטן, ריכטיקער, מענטשן אין
אונדזער סבֿיבֿה וואָס זײַנען פֿאַר מיר אַן אָ,“,
קאָר I.

אָנרעגן — טרוו. רעג אָן, □ .־,גערעגט.
1. (אַרכ) אָנרירן. ,,הוט ער איין גרובּ
גיגראבּן... ער וערכט זיך גר דשׂ □ן זי ניט
אַן ריגט,,, מלכים־בּוך. ,,אַלזו האָט זיך דאשׂ
קינד זער גיקרימט ווען איך האַבּי עשׂ אַן
גיריגט“, גה, 85.
2. אַנטוועקן. אויפֿמונטערן, דערמונטערן,
סטימולירן. אָ, צו טראַכטן. אָ, צו מאַכן אַ
שטודיע. אָ, זיך צו דערנענטערן צו איר. “זיי
זענען געקומען איטלעכער מאַן וואָס זײַן הערץ
האָט אים אָנגערעגט און איטלעכער וואָס זײַן
געמיט האָט אים וויליק געמאַכט“, חחת, נה/א.
“די מוטער האָט אים געוואָלט אָ, אויף אַ
ווײַטערן שמועס“, ווײַס I □, ,ווי דער גורל

פֿירט'. 3. אויפֿירן, אריפֿרודערן. אָ, וו אַ

שׂטן, ווי דער יצר־הרע. „יעדע דערש־נונג

רעגט אָן, רעגט אויף, רייצט צו פֿרעגן א ן

צו פֿרעגן", קאָר II.

־ער — אָ, צו גרויסע מעשׂים.

אָנרעגנדיק — אַדי. וואָס רעגט אָן, וואָס

סטימולירט. „.... דער קוק פֿון דרויסן...

איז... באַזונדער אָ, און סטימולירנדיק„, ש.

פֿישמאַן, ייִבל XI II ־יקייט — „בין געוועסן

.

געשפּאַנט צו דערוואַרטן ניט נאָר אָ„ אפֿשר

אָנרעדן

אַפֿילו אויפֿרעגנדיקייט", הל, טאַג, 28 XII 1957.

אויך: אָנרעגיק, נעאָל

אָ'נרעגנדיק — אַדי וואָס איז אָן רע ן.

אַן אָ'ער זומער.

אָנרעגעוודיק — אַדי. וואָס האָט אַן

אייגנשאַפֿט, האָט די טבֿע אָנצורעגן. אָ'ער גרויסער

פּלאַן. אָ'ע מחשבֿה ־יקייט.

.

אָנרעגעגנען — אוטוו אומפּ. עס רעגנט אָן, עס האָט ~גערעגנט. רעגענען אַ סך, אַ סך מאָל. ,,דאָס יאָר האָט אָנגערעגנט, מער ווי געוויינלעו,,. ,,ס'וועט אָ, אַ פֿול פֿעסל,,. אָ, מיט רענדלעך.

אָנרעד — דער, ־ן. פּפּ. ▯י.,רייד. 1. אָקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנרעדן. צורייד. סוגעסטירונג. אָ, צו גוטע מעשׂים. אָ, צו באַגיין אַן אומרעכט. ״דאָס האָבן זיי [די פֿרויען] דאָך אויף דעם אָ, פֿון בלעמען געבראַכט די קינדער פֿון ישׂראל צו באַגיין אַ פֿעלשונג אָן גאָט,,, תּי, במדבר, לא, 16. ״רעד נאַרישע זאַכן, רעד זינדיקע רייד, פֿאַרשקר מײַן אומרו מיט אָ, צו פֿרייד״, סעג, 'רייד נאַרישע זאַכן'. 2. באַרעדערײַ, רכילות. אַן אָ, מחמת אַ ניט־פֿאַרגינען. אַן אָ, וואָס האָט געפֿירט צו שׂנאה און מחלוקת. ״מע זאָל אויף אים ניט געווען אָנרעדן, וואָלט איך געווען זייער צופֿרידן פֿון דעם שידוך, צוליב דעם אָ, האָב איך גאָר קיין חשק ניט״, ש. בעקערמאַן, דיא געהיימניסע פֿון אַדעס, אַדעס 1885. 3. פּד. אָפּרעד. אָפּשמועס פֿאַרשווערונג. ,,פּראָסטאַקעס האָבן זיך

.

אַן אָ, געמאַכט אונדז אומצוברענגען און בײַ

אונדז די שיף אַוועקצוגזלען", ראָבּינזאָהן, וואַרשע 1880. "דער לווה האָט געמאַכט מיט דעם מלוה אַן אָ': איך וועל זאָגן איך האָב דיר נאָך ניט באַצאָלט, וועסטו צונעמען בײַ זיי די לקוחות, די פֿעלדער, וועלן מיר זיך ביידע צעטיילן", שהם, יד/ג.

אָנרעדלען — ־דל אָן, ,גערעדלט. אוטוו — 1. נעאָל. אָנטעלעפֿאָנירן דרייענדיק דאָס רעדל מיט אַ פֿינגער. 2. נעאָל. אָנקומען אויף אַ רעדל, וועלאָסיפּעד. טרוו — 1. אָנצייכענען קרײַזן, רעדלעך. אָ, אויפֿן פּאַפּיר. אָ, אויף דער וואַנט צייכענונגען. 2. אָ, מצות מיט אַ מצה־רעדל.

אָנרעדן — טרוו רעד אָן, ,גערעדט. פּפֿ. ~ריידן. 1. רעדן אַ סך. אָ, אַ פֿולן זאַק. א, פֿולע אויערן. אָ אַ פֿולן קאָפּ. אָ אַזו אַז

' ,

דער קאָפּ דרייט זיך. "'באָזני כסיל אַל תּדבּר, אַ טיפּש רייד נישט אָן אין די אויערן

-

אַרײַן", מט, משלי תּקע"ד, כג, 9. ,,בּיסט אַ

מאַנצביל צום טיש צ אַ ייִדענע בײַ פּיש?
,
רעדסט אָן אַ וואַגאָן אין געציילטע מינוטן“,
ח פּעט, איק, 1960 II י 29. *אָ אַ פּ ו י ג ל —
,

אַ סך און פּאַנטאַסטישע זאַכן. „קומט איינער
און רעדט דיר אָן אַ פֿויגל, מוזסטו אים זאָגן:
בּרודערוניו, מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן“, מ. י
בערדיטשעווסקי, יִדישע כּת יס.
2. אַרײַנרעדן אין אַ ספּעציעלן מכשיר. אָ,
אין דיקטאַפּאַן. אָ, אין אַ רעקאָרדירער. אָ,

אָנרעדן זיך

פֿאַר אַ פּלאַטע. אָ, די באַגריסונג אויף אַ
טאַשמע און זי אַוועקשיקן צו דער פֿײַערונג.
3. באַווירקן. אײַנרעדן, צורעדן. משפּיע
זײַן. אָ, חתונה צו האָבן. אָ, צו חרטה אויף
אַ באַגאַנגענעם פֿעלער. „מײַנע קאָלעגעס האָבן
מיך אָנגערעדט, אַז איך זאָל פֿון דיר אַוועק,,,
פֿל. „דאָך האָט זיך דער קיניג אין אי ן פֿאַשטי
שטאַט [פֿעסטונג] ביגעבין און אַל זײַני

ג׳,

טרײַאי קריגש לײַט אַן גירעט זײַנין..."" גה,
28. ‟דאַרום פֿערכטי איך מיך, פֿילײַכט איז
דש דער ווילן פֿון וואול לושט אונ, מיט רוא
צו לעבן דער מיך דר צו אַן רעט מײַן גוטי
מחשבֿה בלײַבן צו לאָזן‟, חה, אַמשט 1716,
הקדמה, ח/א. „און אַפֿילו אַז ווערסט מיך אָ,
איך זאָל טאָן אַ מצווה, וועל איך דיך אויך ניט
פֿאָלגן, דען אַמאָל רעדט דער יצר־הרע אָן אַז
מע זאָל טאָן אַ מצווה פֿון גדלות וועגן‟, נצ2,
לג/ד. „מע מוז אַרומפֿאָרן צווישן קליינע
שטעטלעך, אָ, יונגעלײַט זיי זאָלן שטאַרקע
מאמינים ווערן אין בעשט"" [חיים מאַלאַגאַ], ,גדולת
ר, וואָלף, [יפֿ]. „איר וועט אים [דעם פֿאָלק]
די אויגן עפֿענען, פֿאַרגלײַכן אייגנס מיט
פֿרעמדס און אָ, צום טויש‟, פּרץ, געדאַנקען
און אידייען
4 פֿאַרפֿירן מיט רייד. אָ, צו זינד. „די פֿרוי
.
די דו האַסט מיר געגעבן, די האָט מיך
אָנגערעדט צו עסן‟, צור, בראשית. „דאז בויז ווײַב

דאז רעט דען מאַן אַן צו אַלין בויזן אונ,
הלט אין אויף פֿון צו טון גוטשׂ,,, בראַנט,
פֿרק ה. ,,'איש חמס יפֿתּה רעהו, — אַזוינער
וואָס האָט ליב פֿרעמדס לייגט זיך דערויף
יענעם אָנצורעדן, און ירט אים אויף אַ
שלעכטן וועג,,, מס, משלי תּקע״ד, טז, 29.
,,(כּי יסיתך ן אמך) דאָשׂ איז טײַטש ווען דײַן
ברודר פֿון איין מוטער וועט דיך אַן רידן צו
ביזן,,, ספֿר חסידי , רוסלאַנד? תּק״ז? ״ער
האָט עס אים אָנגערעדט צום שלעכ ן, צו
פֿאַרברענגען... די צײַט מיט גאָרניט״, ממוס,
שלמה.
5. טרײַבן רכילות, פּליאָטקעווען, באַרעדן.
,,אַז מע וועט דיר אָ, א ו י ף יענעם זאָלסטו
ניט גלייבן, ביז עס זעען דײַנע אויגן״, שוו.
אָ, וואָס אץ דער קאָרט (שטייט) = [ווי מע
.
טײַטשט אויס דעם באַטײַט פֿון די קאָרטן בײַם
אויסוואַרפֿן זיי] באַרעדן עמעצן אויף
פֿאַרשיידענע אופֿנים, אין אַ סך באַציאונגען. ״דער
שׂטן איז ווי אַ סוחר צו שׂרהן געקומען און
האָט איר אויף אַבֿרהמען געטאָן אָ, און
אָנכּרומען,,, 'עקידת יצחק', ייִדישער אָלקלאָר, נ״י,

No 2. “אבּר די שׂרים הבּן דעם אַנדרן טאָג
ווידר אַן גרעט דעם מלך און ריידן גרויס
רשעות אוף די יהודים בּיז וואַנין זי הבּן
איבּר גרעט דעם מלך,,, שי. „זיי זאָלן ניט
קענען אָ, אויף אונדז קיין שלעכטס, אויסטראַכטן
בּלבּולים צו פֿאַרשוואַרצן אונדזער נאָמען,,,
ממוס, שלמה

6. אַרכ. זיך ווענדן מיט רייד, מיט אַ פֿראַגע,
א בּאגריסונג. אָנהייבּן פֿאַרפֿיון אַ שמועס.
- -
,
“למה ווארום דו זאגשׂט יעק און, דוא רידשׂט
אַן ישׂראל, זיא איז פֿר בּאָרגן מײַן וועג פֿון

165

גאָט“, טח, בּראשית, לך־לך הפֿטורה [ישעיה,
מ, 27]. „איז מיר בּיגעגינט איין גוי —
בּהשׂכּמה האָט ער מיו אנגירעט: וואו הער
אַזו פֿריא“, ,שו„ת פֿני יהושע', אַ־משט 1715
[הש I].
אָנרעדן זיך — ← דפֿוו. 1. רעדן אַ סך.
אָ, זיך אַ הייזעריקן האַלדז. „ווער עס רעדט
זיך אָן, קריגט אין פּיסק אַרײַן,,, שוו. „מע
האָט זיך גענוג אָנגערעדט, אָנגעהאַריקעט מיט

איטלעכן באַזונדער,,, שע, אָרעמע און
פֿײַלעכע I. ,,מע האָט זיך שוין געגוג אָנגערעדט
פֿוסטע דיבורים, די צונג טוט שוין ווי,,, סמב
2. זיך צונויפֿרעדן צו טאָן עפּעס
בשותּפֿות. אָפּרעדן זיך. אָ, זיך און מאַכן אַ
געשעפֿטל (צו מאַכן אַ קנוניא). ,,זיי זאָלן אַלע
מיטאַנאַנדער זיך אָ, און זאָלן אַלע אַנטלויפֿן
אין איין נאַכט,,, רבֿקה בת ר, יוסף בר, מרדכי
ספֿרא מבּראָד, איבֿז, אגרת בעלי חיים, [לבֿובֿ]
יאָר? ,,דער ענגלענדער [און דער טערק] מיט
דער רויטער יאַרמלקע האָבן זיך ביידע
אָנגערעדט צו האַלטן אַ גרויסע מלחמה.....,
ייִפּאָל, 17 1887, No.
פֿפֿ: אָ, זיך ווי פֿאַרן טויט, וו אַ פּויק, ווי
י
אַ צימבל, ווי נאָך צען יאָר אין תּפֿיסה.
,,צווייטנס האָט מען דאָך ניט געקענט נעמען
גלאַט טאָן עפּעס אַ זאַך, זיך ניט אָנצורעדן ווי
אַ פּויק פֿריִער,,, ממוס, ,די אַלטע מעשׂה'.
־ונג. ־עכץ. ־עניש — ,,וואָס מיין
אָרעמאַן — אַלץ מיין אָ'", (גאַליציע).
אָנרעדנערן — טרוו. ־ער אָן, ~גערעדנערט.
האַלטן אַ לאַנגע פּוסטע דרשה אָדער האַלטן
אַ סך דרשות, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. אָ,

אויף די באַנקעטן. אָ, כלערליי שטותערײַען.
„אַ שוואַכקייט אַזאַ — אָנצורעדנערן בײַ
יעדער געלעגנהייט“.
אָנרעדער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־ס. פּפֿ:
~ריידער. 1. ווער עס רעדט אָן צו
שלעכטס. “מע זאָל פֿאַרברענען די שטאָט וואָס
אַלע האָבן געדינט צו עבֿודה־זרה דורך די אָ'ס
בני־בליעל“, תּרגימא 2. רכילות־טרײַבער,
פּליאָטקע־מאַכער. אַן אָ, פֿון שמוניע צו בוניען.
“דיזע שפּיאָנען און אָנריידער זײַנען אימער
געוועזן אייגענע טירקן,,, אמד, דער סולטאַן,
ווילנע 1895.
אָנרעדעריש — אַדי פּפֿ. ~ריידעריש.
וואָס איז (ווי) פֿון אַן אָנרעדער, וואָס איז
באַראַקטעריסטיש פֿאַר אַן אָנרעדער. אָ'ע
כיטרעקייט. ־קייט.
אָנרעטושירן — טרוו ־שיר אָן, ~(גע)

רע

טושירט. פֿאַרענדיקן רעטושירן. אָ, די
פֿאַטאָגראַפֿיע ־ונג.

.

אָנרעכטן — טרוו. רעכט אָן, ~גערעכט.

1. ← אָנריכטן. "און אַז דער כהן האָט אַן
,
גירעכט דאש אַש־המזבח... האָט דארצו מכוון
גיוועזין צו פֿר ברענין דאש אַש [— פֿײַער] פֿון

יצר־הרע,,, נצ1, ויקרא, ב/ג. ,,א ן בשעת זיי
זײַנען אָנגעקומען, האָט מען אָנגערעכט דעם
טיש צו דעם ינוקא ער זאָל עסן,,, נצ2, קמא/ד.
,,טאָמער וועט ער דײַן געבעט צוהערן און

אָנשאָבן

וועט דיך פֿירן דערצו און וועט דיר אָ, דעם
וועג דערצו,,, חה, ב, 2 .109. דזוו
אָנרעכטעווען. ,,בשעת מע רעכט אָן די ציצית, דאַרף
מען מכוון זײַן לשם מצוות ציצית,,, ספֿר
מקור הברכה II, מונקאַטש תרנ,,ה. ־ונג.
־עניש.
אָנרעכטעווען — ← אָנריכטעוו ן. אָ, און
שיסן אין ציל. אָנגרייטן און אָ, אַלץ וואָס מע
דאַרף מיטנעמען. ,,,בהכינו שמים, — ווי ער
האָט אָנגערעכטעוועט די הימלען בין איך דאָרט
געוועזן, אַז ער האָט געקריצט דעם צירקל
איבערן תהום", מס, משלי תקע"ד, ח, 27.

אָנרעכענען — טרוו. רעכן אָן, ~גערעכנט.
1. רעכענען אַ סך. "סטײַטש, מע קען דאָך אָ, אַ גאַנצן רייסטער פּאַסקודנע מעשׂיות... ווי אַזוי זיי האָ ן ניט קיין רחמנות אויף יענעם,,, ממוס, צוריק אַהיים. 2. רעכענען מער ווי יושרדיק. מוסיף זײַן צום חשבון. אָ, דעם קונה פֿאַר ניט־געקויפֿטער סחורה, מאַכן אַ שנײַדערישן חשבון. 3. פֿאַררעכענען, צורעכענען, געבן עמעצן קרעדיט פֿאַר עפּעס. ,,(אַבֿרהם אָבֿינו) האָט דיא מענשן גיבראַכט צום רעכטן גלויבן, דאז זיא זיך בשיצט האבן אונטר דיא פֿליגל פֿון (הש,,י) זוא ווערט עשׂ אים אַן גירעכנט אַלשׂ ווען ער זיא העט בישאַפֿן,,, מהמ אַמשט 1722, ריז/א.
מיט זיך — זיך אָ, בײַם אָפּשליסן די ביכער. ־ונג. ־עניש.
אָנרעפּעטירן — טרוו. ־טיר אָן ~(גע) רעפּעטירט. רעפּעטירן נאָר אַ ביסל אָדער אַ סך. אָ, די פּיעסע במשך פֿון צוויי חדשים. ווי ניט איז אָ, און גלײַך שפּילן. ־ונג.
אָנרעפּטלען — טרוו. ־טל אָן, ~גערעפּטלט. אָנשנײַדן אין רעפּטלעך. אָ, ברויט צו מאַכן סענדוויטשעס. אָ, רעטעך.
אָנרעצענזירן — טרוו ־זיר אָן, ~(גע)

צענזירט. רעצענזי[?]ן אַ סך. אַ בוך וואָס מע
האָט אָנרעצענזירט פֿון אַלע זײַטן.
אָנרעקאָמענדירן — טרוו. ־דיר אָן, ~(גע)־
רעקאָמענדירט. שטאַרק רעקאָמענדירן. אָ,
עמעצן פֿאַר עמעצן. אָ, אַז יענער איז מסוגל
צו פֿאַרנעמען די שטעל ־ונג.

אָנרעשן — [... ראַ אַשן] אוטוו. רעש אָן,
~גערעשט. אָנטומלען. פּלוצעם אָנקומען
מיט אַ רעש. "וואָס די קינדער האָבן דאָ
אָנגערעשט!„.. „זאָלן זיי בעסער ניט קומען, זיי
וועלן זיכער אָ'„..
אַנ"ש — ר"ת פֿון: אַנשי־שלומ(י)נו (←).
אָנשאָבן — טרוו. שאָב אָן; ~געשאָבן, ~
געשאָבט. 1. אָנקראַצן, אָנרײַבן מיט אַ מעסער,
אַ שאַרפֿן מכשיר, אַ פּרי אָדער אַ גרינס. אָ,
רעטעך. אָ, אַן עפּל. 2. אָנשיילן. "
קאַרטאָפֿל האָט זי אָנגעשאָבן, די פֿענדל
אויסגעשײַערט", א. לעבענזאָן, פֿון זאַוואָד אין באָד,
ורילנע 1893. 3. אָנשנײַדן גאָר דינע פּאַסן.
אָ, אַ קלעצל דין, עס זאָלן זיך באַקומען
הובלשפּענער. „אָ, רוי פֿלייש... און אים געבן צו

עסן“, א. י. שפּערלינג, ליקוטיט II (טעמי
המצוות), לעמבּערג תּרס„ט.

אָנשאַ)בּרעווען

אויך מיט ז י ך — „ס'האָט זיך אָנגעשאָבּן
א פּולע שיסל“ ־ונג. ען ־עניש.
— . .
 ־ער (־ין ־קע).

אָנש(אַ)בּרעווען — 1. דזוו אויסשבּרן (←
362) אַ סך. 2. אָנקלײַבּן גוטס וואָס בּלײַבּט
אין אויסראַבּירטע און פֿאַרלאָזענע הײַזער.
“אַלע ייִדן האָבּן די דײַטשן אַוועקגעפֿירט אין
אַן אויסראָט־לאַגער, און די אָרטיקע שקצים
האָן אָנגעשאַבּרעוועט פֿון זילבּערנע
בּענטשלײַכטערס בּיזן בּעזעם אין ווינקל„.
אָ'נשאָדנדיק — אַדי וואָס איז אָן שום
שאָדן. אָ'ער ווינט. אָ, פֿאַרן געזונט.
אָנשאָדעווען — אוטוו ־דעווע אָן, ..,
געשאָ.
דעוועט. פּפֿ ,שאָדענען, פּר. מאַכן
סקאַנדאַלן. בּרויען. אָ, אין שענק. אויך מיט

זיך.

אָנשאַטאַיען זיך — אוטוו. ־טאַיע זיך אָן, זיך ~געשאַטאַיעט. סל. אַרומשלעפֿן זיך. זײַן אין אַ צאָל ערטער אָן אַ ציל. אָנוואַנדערן זיך, פּעיאָ. אָ, זיך אַ פֿאָר יאָר און ווערן אויס מענטש.

אָנשאַטן — אוטוו, אומפּ עס שאַט אָן, עס האָט ~געשאַט. 1. שאַטן. בּרענגען אַ בּיסל שאָדן. "מעגסט אַ בּיסל העלפֿן דער מאַמען. אָסור צי עס וועט דיר אָ'". 2 פֿאַרשאַטן.

.

דאָס עסן וועט ניט אָ'.

אָ'נשאָטנדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ שאָטן. אַן אָ'ער ים־בּרעג ־יקייט.

.

אָנשאָטענען — אוטוו & טרוו ־טן אָן,

.

~געשאָטנט. אָנוואַרפֿן אַ שאָטן. אָ, (אויף) אַ ־אָטאָגראַ־יע. "זײַן זכר [זייכער]... שאָטנט אַן אַ טרויער", אַלף כּץ, אַקערצײַט.

אָנשאַטקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~ גע.

שאַטקעוועט. פּפֿ: ~שעטקעווען (←).

אָנשנײַדן, אָנהאַקן (אויף צו זײַערן). אָ אַ פֿעסל

,

קרויט.

אָנשאַכערן — טרוו. ־ער אָן, ~געשאַכערט. מאַכן שאַכער־מאַכער. אָנהאַנדלען, אָנקויפֿן (אויף אַן אומערלעכן אָדער אומגעראָטענעם אופֿן). אָ, מאַיאָנטקעס און בלײַבן שטעקן מיט זיי. ,שאַכרעווען — דז, נאָר עמפֿאַטישער.

אָנשאַסן — טרוו. שאַף אָן; ~געשאַפֿט, ~ געשאַפֿן. קריגן פֿאַר זיך (וו אַן אייגנטום).
י

-

אײַנשאַפֿן. אָנגרייטן. אָ אַלע נייטיקע אינסטרו,
מענטן. ״וואו איז מײַן ביסל ווערטשאַפֿט וועלכע מײַן ווײַב און קינד האָבן אָנגעשאַפֿט?״, א. ב.

רוף, דער שיכּור, וואַרשע 1871. „האָט פֿאַר
זיך אָנגעשאַפֿן גרויסע הײַזער, מילן,
איילמילן“, אי. קיפּניס איבּז, אָסטאַפּ ווישניאַ,
שמייכלען, כאַרקאָוו 1929.
מיט ז י ך — אָ, זיך היפֿשע ידיעות. „ווען
איינר קאָכט אונ, שאַפֿט זיך אָן ערבֿ שבּת
צו עסין, אַזו האָט ער שבּת צו לעבּין„, ר,
אַריה ליבּ בּר, יהודה... זעליגמאַן, תּיקוני
מועדים I פֿיורדא תּפּ“ט ־ונג ־עכץ.

. . ,

אָנשאַצן — טרוו. שאַץ אָן, ~געשאַצט.
אָפּשאַצן. בּאַשטימען דעס ווערט בּדרך השערה.

1658

“מיין ספֿרים הקדושים זיך לאשן אַן שצין
וויא זיא זעלבּש גיוואָלט האבּן“, גה, 381.
־ונג. ־עניש.

אָנשאָקלען — טרוו. ־קל אָן, י„געשאָקלט.
1. שאָקלען אַ בּיסל אָדער אַ סך. אָ, בּיימער
די פּירות זאָלן אַראָפּפֿאַלן. אָ, דעם שטרויזאַק.
אָ, די בּ ייִ נ ע ר = אַנבּרעכן די בּיינער. *„אָט

ווועל איך דיר אָ“‘ — איר: אָט וועל איך דיר

געבן, דיר העלפֿן עפּעס קריגן. 2.
אָפּשאָקלען עמעצן פֿון זיך. נר. מאַכן אַז מע זאָל
אָפּשטיין, זיך אָפּרוקן. "ער האָט אַלעמען
אָנגעשאָקלט און אַלץ גענומען פֿאַר זיך". אויך
מיט ז י ך — אָ, זיך אין בויד. ־עניש.
אָ'נשאַרבנדיק — אַדי. וואָס איז אָן אַ
שאַרבן. אָ'ע בעלי־חיים.
אָנשאָרבען — טרוו ־בע אָן, ~געשאָרבעט.

▯

פּפֿ: ~שאָרווען. אָנכליאָבען. אַרײַנעסן
גיך און אַ סך. אָ, אַ פּאָר טעלער באָרשט(ש).
געוויינטלעך מיט ז י ך — אָ, זיך מיט
קרויטזופּ.
אָנשאָרווען — טרוו ־ווע אָן, ~געשאָרוועט.
פּד. אָנשײַערן.
אָנשאַרלאַטאַנעווען — דזוו
אויסשאַרלאַטאַנעווען (▯. 362).
אָנשאַרן — טרוו. שאַר אָן, ~געשאַרט. 1.
אָנרוקן, צונויפֿרוקן, צונויפֿשאַרן מיט די הענט
אָדער מיט אַ מכשיר. אָ, פֿולע הויפֿנס (
זשמעניעס) תּבֿואה. אָ, די ברעקלעך אין אַ
קופּקעלע. אָ, מיסט אין ווינקל. אָ, אַש אויפֿן
פּריפּעטשיק. „מיט פֿרעמדע הענט איז גוט הייסע
קוילן אָנצושאַרן„, שוו. „צי קען אַ מענטש

פֿײַער אין זײַן שויס אָ, און זײַנע מלבושים נישט פֿאַרברענען?", מס, משלי תּקע"ד, ו, 27. "אָנגעלייגט די שײַטן, אָנגעשאַרט די קוילן, קנאַקן העל די פֿלאַמען", יהואַש, 'מולד'.
2. אָנזאַמלען. אָ, ג ע ל ט. אָ, ג אָ ל ד. אָ, פֿולע קעשענעס מיט געלט (גאָלד). "האָט אָנגעשאַרט געלט ווי מיסט און האָט זיך פֿון ידן אַ מאַיאָנטיק געמאַכט", אבֿג, 'דער יוד אין קיִעבֿ, [הש I]. „אַ שלעכטן רעכענונג האָבן די רוסישע עמיגראַנטן וועלכע רעכענען אַז אין אַמעריקע שאַרט מען אָן געלט מיט לאָפּעטעס", בֿ. בעקערמאַנן, זבֿ, דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895. „ניט פֿון בויען צוקער־אַבריקן האָט ער אָנגעשאַרט זײַנע מיליאָנען", בערג, בײַם דניעפּער 3 .II. צושאַרן. צורוקן. צושטופּן. אָ, די שווערע קאַסטענעס צום וואַגאָן. אויך מיט ז י ך ־עניש.

.

אָנשאַרסן — טרוו. שאַרף אָן, ~געשאַרפּט.

1. מאַכן שאַרף. אָ, דאָס מעסער, די שער, די קאָסע אאַזוו. אָ, די צונג. „אײַזן שאַרפֿט מען אָן מיט אײַזן,,, מס, משלי תּקע״ד, כז, 17.

*אין (אָן) אים (געוויינלעך — איר) □קען מען אָ, אַ מעסער = איז עלעגאַנט אָדער חכמהט זיך.

פֿיג. „ווען וואָרט אין וואָרט ווערט אָנגעשאַרפֿט און גליט, צינדט אָן דעם קנויט □ון האַרץ מיט נס וואָס בּריט,,, אַלף כּץ, די אמתע חתונה.

2. אָנשפּיצן, אָנשפּיזן. אָנשטעלן. אָ, די א ו י ע ר ן. אָ, □דאָס געהער. אַ, די א ך י ג ן.

אָנשווייסן

אָ, דעם בּליק. 3. מאַכן צו פּיקאַנט, צו שאַרף אַ מאכל. אָ, פֿאָרשפּײַזן.

מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.

־ער (־ין, ־קע). ־־ערײַ.

אָנשאַשען — טרוו ־שע אָן, □געשאַשעט.

.

פּפֿ □ ~סאַס(י)ען. דזוו אָנשתיהן [און שטאַמט פֿון דעם ווער□]. אָנשיכּורן. אָ, דעם ערל און אויסרייניקן זײַנע קעשענעס.

אָנשדרהדיק — [... שעדרעדיק] אַדי. דזוו

אָנחוט־השדרהדיק. וואָס איז אָן אַ רוקנזײַל,
רוקנבײ ן. ווייכגופיק. יסtראל ביבער,
זאָאָלאָגיע I, ווילנע 1934, שער־בלאַט.
אָן שהיות — [... שיִעס] אדוו אָדער פרעפ
פַראַזע. אָן אָפלייגעניש. אָן פֿאַרציִעניש. עפעס
טאָן אָן ש'. אָן ש, פֿאַרפֿאָרן אין די שניים.
אָננעמען אַ באַשלוס אָן ש,. „אָן ש, פֿאָרט ער...
אַרויס קיין אויסלאַנד„, מע יות נוראים (פֿון
ראַדזימינער רבין), פיעטריקאָוו תרע״ד.
אָנשהיותדיק — אַדי. אָ'ע האַנדלונגען.
אָנשוואָלן — ← אָנשוועלן. „אַז אַ באַק
שוואָלט אָן, הייבט זיך אָן דערפֿון אַלע קרענק„,
אי. קיפניס איבז, מאַרק טווען, העקלבערי פֿין,
ק עוו 1929.
אָנשוואָמען — טרוו. שוואָם אָן, י.„געשוואָמט.
אנצ ען מיט אַ פֿליסיקייט. אָ אַ טיכל מיט
,

בענזין און אַרומרײַבן. מיט ז י ך — אָ, זיך
מיט אַ סך וואַסער.
אָנשוואַרצן — טרוו. שוואַרץ אָן, ~

געשוואַרצט. 1. אָנשמי.רן מיט שוואַרצער פֿאַרבּ.
אָ, אַ צעקאַרדאַ(ט)שעטן טיש. אָ, אַ טאָוול.
2 פֿאַרשוואַרצן עמעצן אין עמעצנס אויגן.
.
,,האָ ן זיך מי געגעבן בײַ דער נאַטשאַלסטווע
אונדז אָנצושוואַרצן“, קמ, 20 5 18, No. “האָט
זיי צוערשט צוזאַמענגעבּרענגט... כּדי זי
שפּעטער אָנצושוואַרצן בײַם פּריץ און זי פֿון
דאָרט צו פֿאַרטרײַבּן“, בּן צבֿי, דעם
שענקער'ס טאָכטער, קראָקע 1911. אויך מיט
ז י ך. —ונג — ,,ווי פֿאַלש עס איז די אָ,
[פֿון ייִדן]“, קמ, 1866 44, No ־עניש.
.
אָנשוויבּלען — אוטוו ־בּל אָן, ~געשוויבּלט.
.
אָנקומען זייער אַ סך מיטאַמאָל. אָ, און
אָנגריבּלען. ,,ווי נאָר מיר זעצן זיך דאָ אַוועק
שוויבּלען אָן מוקן און כּלערליי בּאַבּעלעך“.
אַנשוויגן ווערן פֿטמ. דזוו אַנטשוויגן

ווערן. ,,דער ווינט ווערט שטיל, די כוואַליעס
ווערן אַ'“, ממוס, שירה.
אָנשווייגן — טרוו. שווײַג אָן, ~געשויגן.

--

ווירקן אויף עמעצן מיטן שווײַגן. ,,——

באַשטראָף אים, שרײַ כאָטש אָן אויף אים. —

ניין, כ'וועל אים אָ'. דאָס וועט מער ווירקן,,.

געוויינלעך מיט ז י ך — שווײַגן אַ לענגערע

צײַט פֿאַר דער לעצטער צײַט האָט ער זיך

— ,, .

אַזוי פֿיל אָנגעשוויגן אַז ער האָט שו ן

איצטער גערעדט פֿאַר צען,,, אי. קיפּניס איבּז,

ק. טשוקאָווסקי, די זוניקע, קיִעוו 1934.

־עניש.

אָנשווייסן — טרוו. שווייס אָן, ~געשווייסט.

1. אָנשמעלצן, אָנגליִען מעטאַל אָן מעטאַל

-

אָנשווייפּן

מיט זייער אַ הייס פֿײַער. אָ, דעם אײַזן.

2. דזוו אָנשוויצן, אַקוזוו.

-

אָנשווייסן — טרוו. שווייף אָן, י,,געשווייפֿט.

אַ ביסל אויסקרימען, אויסרונדיקן. אָ, די

ברעטלעך פֿאַרן פּעסל. אָ, מיט אַ שווייף־זעגל.
אָנשווימען — אוטוו. שווים אָן, ה אָ בּ & בּ י ן
~געשוואומ▯ן. אָנקומען שווימענדיק.
קומען צו שווימען. „עס שווימען אָן קלעצער
פֿון אַ צעפֿאַלענעם פליט„. „די שיפֿלעך
שווימען אָן צום בּרעג“ פֿון אַלע עקן שווימען
„ .
אָן טויטע“, פּרץ, דראַמ, שריפֿטן. „עס זײַנען
ווי אָנגעשוואומען פֿאַר זײַנע אוי▯ן די בּלייכע
פּנימער פֿון די זקנים און זקנות אין חבֿרון„,
פּסח מאַרקוס, די שטאָט פֿון מקובּלים. „זיך
פֿאַרטראַכט, ווי אָנגעשוואומען אויף די אויגן
האָט אַ נעפּל„, פּ▯ו, מלחמה II. *ס'איז
אָנגעשוואומען אויפֿן האַרצן = מע פּילט ▯יך שוואַך,
אָפּהענטיק. אויך מיט ז י ך. ־ונג —
אויך וואָס וואַסער (דער שטראָם) בּרענגט מיט
זיך. ־עכץ. ▯עניש — אַן אָ, פֿון
קבּצנים.
אָנשווינדלען — טרוו ־דל אָן, ~געשווינדלט.
.
אַרײַנקריגן דורך שווינדלען. ▯ געלט. אָ אַ
,
פֿאַרמעגן. אָ אַ וו ע ל ט פֿון אַ גרויסער

—   ,

-

צאָל מענטשן ־עניש ־ער (־ין ־קע).

.   .   ,

־ערײַ.

אָנשווינדלעריש — אַדי. וואָס איז פֿון

(אָדער אַזוי ווי בּ) אַן אָנשווינדלער. אָ'ע

הבֿטחות. ־קייט.

אָנשוויצן — שוויץ אָן, ~געשוויצט. אוטוו —

אַ סך שוויצן. זיך בּאַדעקן מיט שווייס. „דער

שטערן שוויצט אָן, בּיז מע פֿאַרדינט אַ

קאָפּיקע„, די מע ה פֿון פֿיער בּרידער, וואַרשע

1906. אַקוזוו — 1. מאַכן נאַס מיט שווייס.

„ער האָרעוועט אַזוי אַז ער שוויצט אָן די

מאָזאָליעס„. „מע דאַרף אַפֿריִער גאַנץ גענוג

אָ, דעם שטערן, בּיז מע קומט צו דער שטופּע

לערנען דעם צווייטן“, בּ. א. זאַבּיעזענסקי, די

שווערע צײַט I, וואַרשע 1887. 2. זײַן אַ

שוויצער. אָפּט מיט ז י ך — אָ, זיך בּײַ

דער אַרבּעט. ־ונג. ־עכן. ־עניש.

אָנשווישטשען — אוטוו & טרוו. ־טשע אָן,

1. אַנפּײַפֿן. אָ אַ גויאישן ניגון. איר אָ, זי
~געשווישטשעט. פּפֿ: ⍰ .־,סווישטשען.

,
זאָל אָרויסקומען. אויך: אָ, עמעצן און לאָזן
אים נקי. 2. צוויטשען ווי אַ פֿויגל. אָ, די
פֿויגלשע פֿרימאָרגן־תּפֿילה. אויך מיט ז י ך.
־עניש.
אָנשוועבן — אוטוו שוועב אָן, ~געשוועבט.
אָנקומען שוועבנדיק, פֿליִענדיק נידעריק. אָ,
וו אַ באַלערינע. „אַ פֿויגל שוועבט אָן אוז
,
לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן דאַך„. „אומעט, אומעט
אומעטום. שוואַרצע שעהן שוועבן אָן„, פּמ,
כאַל אַסטרע II, פּאַריז 1924. “שוועבן אָן
וואָל⍰

קנדיק, ווײַס ווי שניי. ווי פּוכיקע מעוועס —
אַזוי פֿליִען זיי„, אסתּר שומיאַטשער, הימל
⍰ון ערד, ⍰195.
אָנשוועכן — טרוו⍰ שוועך אָן, ~געשוועכט.
1. מאַכן שוואַך. “שווערע אַרבעט שוועכט אָן

1־659

דעם מענטשן,,. 2. אייפֿעמיזם פֿאַר
אָנשיכּורן. אָ, די געסט. געוויינלעך מיט ז י ך —
זיך אָ, בײַ דער אַרבעט. זיך אָ, און אַוועקפֿאַלן.
,,[נח] האָט זיך גוט אַנגעשוועכט און שוין
געהאַט אַ גוטן בזיון,,, ר, יעקבֿ מדובנא, משלי
חכמה, ווילנע תּר,,נ, י/ב. ־ונג. ־עניש.
אָנשוועלן — אוטוו. שוועל אָן, ~געשוואָלן
(־.־,געשוועלט). 1. אויפֿגיין פֿון אָנציִען זיך
מיט פֿליסיקייט. ,,טרוקענע חלה שוועלט אָן
אין מילך“. ,,מע וואַרפֿט אַרײַן די קניידלעך...
זיי דאַרפֿן אָ, און אַרויפֿשווימען“, בֿ. שאַפֿראַן,
ייִדישע קוך, וואַרשע 1930. 2. געשוואָלן
ווערן. ,,דער פֿאַרוואונדעטער... האָט שווער
געכאָרכלט פֿון האַלדז וואָס האָט גענומען אָ'“,
ל. ראָכמאַן פֿאָר, 1961 III 19 פֿיג. ,,די
טײַס, .
טערס שוועלן אָן בײַ די בלוטזויגערס,,. דער
קאָפּ שוועלט אָן פֿון די אַלע עסקים. אָ, פֿון
שוואוילטאָג. 3. ווערן צו פֿיל, איבער דער
מאָס. דאָס טײַכל שוועלט אָן נאָסן רעגן.
־ונג.

אָנשווענגערן — ־ער אָן, ~געשווענגערט.
אוטוו — אָנהייבן שווענגערן. „מײַן פֿרוי האָט
שוין אָנגעשווענגערט און נאָר אַן אַבֿאָרט קען
העלפֿן„. טרוו — (שפּאַסיק) אָ, אַ סך
קינדער. ־ונג.

אָנשווענקען — טרוו. שווענק אָן, ־י.„
געשווענקט. אָנגיסן מיט וואַסער און אַ ביסל
רייניקן. „די גלעזער איז גענוג
אָנצושווענקען„. אָ, גרעט בײַם טײַך. מיט ז י ו —
„זיך גוט אויסבאָדן, זיך אָ, אין ים„. ־עניש.

אָנשוועצן — טרוו שוועץ אָן, ־,געשוועצט.
קורלאַנד, זאַמעמ. אָנפּלאַפּלען. אָ,
נאַרישקייטן. אָ, רבילות.

אָנשווערן — אוטוו. שווער אָן, ־י'געשוואָרן,
־.„געשוואוירן. שווערן אַ סך מאָל.
אַרויסברענגען פֿאַרשיידענע שבֿועות. אָ, מיטן
אייגענעם לעבן, מיטן לעבן פֿון מאַן און קינדער.
געוויינלעך מיט ז י ך — „זיך פֿאַר אַ צווייער
אָ, צען זאַק ליגנט„, ב. בעקערמאַנן, זב, דער
יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895. „האָט ער
אָנגעשוואוירן אַז ער קען ניט זײַן ווי ד
אַני

דערע שדכנים,,, מאיר רײַז, יןגנט, וואַרשע
.193

אָנשווערן — טרוו שווער אָן, ~געשווערט.
מאַכן צו שווער. אָ, דעם עול. אָ, דאָס געמיט,
די שטימונג. אָ, די פֿליכטן. אָ, מיט
היימאַרבעט. מיט ז י ך — ,,ס'האָט פֿון דעם
בריוו זיך אָנגעשווערט ס'געמיט מיט פּײַן,,,
פּמ, מלחמה I.
אָנשוי — דער, ־ען. 1. דזוו אָנשויאונג, ב1.
2. דאָס אַרומקוקן זיך. ,,אין דער גסיסה לאָזן
נאָך אַן אויגנבליק אויף אָ',,, פּמ, מלחמה II.
אָנשויאונג — די, ־ען. 1. דאָס אָנקוקן
אַ כלה. ,,די אָ, איז געווען נאָר אַ פּאָר שעה“.
”אויך בײַ דער אָ, זײַנען חתן־כלה ניט
געבליבן אַליין,,.. 2. פּראָצעס פֿון אָנקוקן
בכלל, פֿון זען און באַטראַכטן. אַ גרינטלעכע
אָ'. אָ'ס־מעטאָד = וויזועלער מעטאָד. 3. דטשמ
נר השקפֿה, באַנעם. סיסטעם געדאַנקען,

מייאָנשולדיקן

נונגען. וועלט־אָ, וועלטבאַנעם.

אידעאַליסטישע, מאַטעראַליסטישע אאַזוו אָ.. ,,שעדלעך

צו פּאָלעמיזירן מיט אָט דיזע אָ'ען,,, משה קליינמאַן, יודישער קאַלענדאַר לשנת תּרס,,ט, לעמבּערג 1908. ״מײַנע אָ'ען אויף די ייִדישע פּראָבּלעמען,,, זשיט IX, נ,,י 191.

אָנשוילעך — אַדי דסשמ. נר. וואָס מע קעז גרינג, גוט זען און בּאַטראַכטן. בּולט. קאָנקרעט. אָנזיכטיק. וויזועל. בּאַשײַמפּערלעך. אָ'ער מעטאָד בּײַם לערנען = וויזועלער מעטאָד. ,,דער פֿיזיקער זעט פֿאַר זיך אָ, זײַן וועלטבּוי,,, גוטנ ״עס קאָן פֿאַר אים פֿאַרשווינדן יעדער אָ'ער כּילד״, זשיט II, נ,,י 1912. ,,מאַכן צוויי פּראָבּעס... כּדי אויף אַן אָ'ן אופֿן זיך אין דעם אַלעם איבּערצײַגן,,, בּער ־קייט.

.

אָנשוימעז — טרוו. שוים אָן, ~געשוימט. אויך: ~שוימיקן. מאַכן עס זאָל זײַן אַ שוים. אָנגיסן מיט אַ שוים. אָ, בּיר אין די גלעזער. שרײַען און אָ, די ליפּן. אָ, וואַסער מיט זייף צו וואַשן בּאַטיסטענע פֿאָרהענגלעך. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אָנשויען — טרוו. שוי אָן, ~געשויט.: d

n גוIl1 .ansc o. בּאַקוקן אַ כּלה. ,,ער זאָל אַראָפֿקומען אָ, די בּתולה,,, פּנחס בּיזבּערג,

שבּת־יום־טובֿדיקע ייִדן. 2. אַרכ. אָנקוקן
בּכלל. בּאַקוקן (און בּאַטראַכטן). זיך צוקוקן.
“קומט איר מאַנן, ווייַבּר און, יונג פֿרויאן
דאשׂ היפּש בּוך דוט [= טוט] אַן שויאן,,,
ספֿר משלים פֿפֿדמ תּמ,,ז, שער־בּלאַט. ,,איר

,
ליבּן מאַנן און, פֿרויאן טוט דאז שין געטליך
ליד אַן שויאן דז מן טוט מדרש ויושע נענן,,,
מדרש ויושע, פּראָג 1687, הקדמה [פֿש III].
“קומט אַל דאשׂ הערליך בּוך אַן צו שויאן,,,
לט1, שער־בּלאַט. ,,איר ליבּה מאַנן און, פֿרויאן,
טוט דאשׂ מעשׂה אַן שויאן,,, איין שין
וואונדערליך מע□ה פֿון איינר כּלה מיט דרײַ חתנים,
[פֿפֿדמ, פֿאַר 1740]. “ווי אופֿט האבּ איך דיר
גיווינקט און, גיטוייט דו וואָלשׂט מיך אבּר
ניא אַן שויאן,,, בּבֿא־בּוך, 134. ,,אַן איר
פּײַניגונג טוא לוגן און, איר מידקייט טוא אַן
שויאן“, □וחזור ר,,ה ויו“כּ, הומבּורג 1721,
קנא/ב.

אָנשוכן — טרוו. שוך אָן, □י,,געשוכט. 1.
אָנטאָן שיך. אָ, דאָס אייניקל מיטן ערשטן פּאָרל
שיכעלעך. “... האָט אָנגעשוכט זײַנע פֿיס און
איז אַוועק“, ש. גאָדינער, דער מענטש מיט

דער בּיקס. 2. בּאַזאָרן מיט שיך. אָ, די
יתומים. „מן גיבּט אין צו עשׂין און, צו
טרינקן און, שוכט זיא אַן,„ בּראַנט, פּרק לא.
“דוא האשׂט זיא... גיקלייט און, אַן גישואט“,
מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, קצבֿ/ב.
3. פּראָדוצירן שיך. „אַמעריקאַנער פֿאַבּריקן...
האָבּן בּיד געהאַט אָנצושוכן אַלע אײַנוואוינער
פֿון רוסלאַנד פֿון קליין בּיז גרויס“, י.
יאַכינםאָן מיט געניטע הענט, קיִעוו 1925. מיט
ז י ך. ־ונג.
אָנשולדיקן — טרוו ־יק אָן, ~געשרלדיקט.

.

מאַכן חובֿות. אָנלײַען, אָנבּאָרגן. אָ, אין קרעמל
אַר עסנוואַרג. אָ, דעם בּעל־הבּית [דאַטיוו]

אָנשוסטערן

דירה־געלט. געליִען און אָנגעשולדיקט די קליינע
גמילות־חסדלעך. געוויינלעך מיט ז י ך —
זיך אַזוי אָ, אַז מע מוז פֿאַרזעצן די זילבּערנע
לײַכטערס. ־ונג.
אָנשוסטערן — טרוו. ־ער אָן, ~געשוסטערט.

1. אָנגרייטן שוסטערוואַרג. מאַכן אַ סך שיך, שטיוול אע. אָ, שטיוול אויפֿן גאַנצן ווינטער.
2. בּמקום־ווערבּ פֿאַר יעדער מין מלאָכה, שלעכט געמאַכט. אָ, בּענקלעך אויף קרומע פֿיסלעך. אָ, שינדלען וואָס פֿאַסן זיך ניט אַרײַן איינס אין דאָס אַנדערע. אָ, רעדער וואָס זייערע שפּיצן פֿאַלן אַרויס. אויך אוטוו — זיך אויפֿפֿירן גראָבּ. אָ, אין אַ לײַטישן פֿאַראיין און זיך זידלען.
אנשופֿלען — טרוו ־פֿל אָן, ~געשופֿלט.

.

אָנפֿילן, אָנשיטן מיט אַ שופֿל. אָ, די גריץ, קלײַען, האָבּער, גרויפּן. אָ, צוקער אין טוטן.
אָנשושקען — טרוו ־קע אָן, ~געשושקעט.

אָנזאָגן עפּעס שושקענדיק, שעפּטשענדיק. אָ, אַ סוד אין אויער. אָ, די קינדער זיי זאָלן זײַן סטאַטיקעס. מיט ז י ך — קזוו. אויך: א, זיך וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט ־עניש.

.

אָנשהורן — [... שאָכערן] טרוו שחור אָן, ~געשחורט. אָנשוואַרצן. אָנמסרן. אָ, עמעצנס נאָמען.

אָנשהטן — ← אָנשעכטן.

אַנשטאָט — פּרעפּ. פּפֿ: אָנשטאָט.:Mhd

1ו t .an—(in)s. ווײַזט אַז די פּערזאָן וואָס קומט נאָך דער פּרעפּ קריגט אַ פֿאַרבײַט, אַ סובסטיטוט. אויפֿן אָרט פֿון. במקום. ש ט אָ ט. ש ט אָ ט ס. אַ, מ י ר וועט ער קומען. שטיין צום פּריזיוו אַ, דעם עלטערן ברודער. אסתּר ווערט די מלכּה אַ, ושתּין. אַ, אים ווערלן

אַרומ אָרן משולחים. ממז t פֿאַרטײַטשט 'התחת אלהים אָנכי, (בּראשית, ל, 2): ,,אוב אַן שטאַט" [תּי: "אויף דעם אָרט פֿון"]. נאָך פֿריִער טח פֿאַרטײַטשט 'התּחת אלהים אָני, (בּראשית, נ, 19): "אוב אַן שטאַט גוט בּין איך" [תּי: "בּין

איך דען אויף דעם אָרט פֿון גאָט"]. ,,... האָבּן אַ, מיר טויזנט אַנדערע מענטשן געהאַט אין מויל", ממוס, קליאַטשע.

2. ווײַזט אויף אַ פֿאַרבײַט פֿון אי ן זאַך אויף אַ צווייטער. בּויען אַ, ציגל מיט לעמעשקע. האָבּן אַ, אַ האַרץ אַ שטיין אין בּרוסט. אַ, אַן ענטפֿער אָפּקומען מיט אַ שמייכל. ,,אַ, ווײַסע(ר)

חלה — ראָזעווע ברויט, אַבי ניט הונגער און
נויט“, שוו. ”דא ער גזעהן דאשׂ ער אַן שטאַט
דער פֿישי אי□ן איזלס קאפ אין זײַנם גאַרן
[= נעץ] האָט“, מראות הצובֿאות, וואַנדזבעק
1718. ”האָדעוועט מען די אָרעמעלײַט מיט
ביינער אַ, פֿלייש“, ייִל, זב, דער קליינער כּל
בוניק, אַדעס 1885. ”אַ, שויבן זענען די
פֿענצטער פֿאַרשטעקט מיט קישעלעך“, ספּ,
גליקליכע און אומגליקליכע. ”אַ, אין מאָגן, קריכט
אים דער ווײַן אין קאָפּ“, ייִז, 'אַלט־שטאָט'.
3. ווײַזט אויף אַ פֿאַרבײַט פֿון אידיי(ע), אַ
באַגריף, אַ פֿאָרשטעלונג, אַן אויפֿפֿיר אע. אַ,
אַ קאָנקרעטן פּלאַן קומען מיט פֿאַנטאַזיעס.
אַ אַ טובֿה קען אַרויסקומען גאָר אַ רעה. אַ,
,

166()

פֿירערשאַפֿט קריגן פֿאַרפֿירערשאַפֿט. אַ,
זאַכלעכער קריטיק פֿירברענגען פּוסטע טענות. „אַ,
אַ ביסעלע רווח געבליבן בײַם נעבעך“, שוו.
”אונזרי תּפֿילות זײַנן אַן שטאַט די (קרבנות)",
לט1, יא/ב. „ער ביצאלט אים ביזשׂ אַן שטאַט
דיז גוטן“, יוסיפֿון, אַמשט 1661, שיז/ב. „מן

זאָגט דש׳ שמונה עשׂרה [פֿון נעילה] אַז מן
האָט גיזאגט צו יוצר, נייארט אַן שטאַט
כּתבנו זאָגט מען וחתמנו... אַן שטאַט וכתובֿ
זאָגט מן וחתום...“ פֿון אַ סידור, 1665,

,

אָרט? צג/ב. ‟ווען ער האָט אָפּגעשיידט זײַנע
בּיכּורים און מע האָט זיי גערויבּט... בּרענגט
ער אַנדערע אַ, זיי און לייענט ניט (כּי תבא)“,
זרעים, קיז/א. „אַ, דעם גרויסן כּבֿוד וואָס ער
האָט דאָ, זאָל ער האָבּן גרויס בּושה„, די גן
עדן בּחוריס, וואַרשע 1885. „שׂנאה אַ,
בּרודערשאַפֿט האָט זיך פֿאַרזעצט אין האַרץ“, הל,
'ערשטער מײַ, ניו־יאָרק 1935'. „אַ'... טורעמס
און... פּיראַמידן האָבּן מיר געהאַט אַ
בּאַוועגלעכן משכּן„, אָפּאַ, 'וואָס איז ייִדישע
קולטור,.
4. קומט אויו פֿאַר אַן אינפֿיניטיוו און פֿאַר
גאַנצע פֿראַזעס און זאַצן. אַ, קלאָר צו מאַכן
דעם מיין פֿרן פּסוק, אים נאָך מער
פֿאַרטונקלען. אַ, צו געבּן אַ תּירוץ לאָזן די קשיא
אינגאַנצן אומפֿאַרענטפֿערט. אַ, צו
טרייסטן, שיטן זאַלץ אויף די וואונדן. אַ, צו
דערציילן וועגן אומגליק, זיך צעוויינען. ‟אָ, זיך
צו ווייקן אונטער רעגן, איז דאָך בּעסער זיך

באַהאַלטן אין בודקע". "אַן שטאַט חמי וחמותי ע"ה האַבּין גימיינט דאז איר חתן זאָל האבּין כּמה אלפֿי'. האָט ער בּדוחק איזה מאות גיהאט", גה, 64. "אַ, אונטערצוהאַלטן דעם חשק בּײַ קינדער צו מײַסטערן, דערשטיקט מען אים בּאַלד אין אָנהייבּ", ממוס, שלמה. „האַרמאַטן קענען פֿרידלעך דינען צו ערדאַרבּעט... נאָר אַ, וואָס זיי שיסן איצט אין דער בּרייט — שטעלן זיי צו שיסן אין דער הייך", בּלעטער, No 1. „דער מלך איז אַרויס אין גאַס... האָט ער אַ, צו האָכּן פֿרייד און שפּאַס, דערשראָקן זיך ווי פֿאַר אַ שטראָף פֿון גאָט", אר, 'דעם מלכס שרעק'. "נעמט ער אָנגרײַפֿן דעם רבּין אַ, לאָזן זיך פֿון אים אַטאַקירן", ייִז, בּרידער אַשכּנזי.

אַ'וואָרט — פּראָנאָם.

אַנשטאַלט — די, ־ן. אינסטיטוציע. מוסד. אַגענטור. יתומים אַ'. לערן אַ'. צדקה אַ'. געבּן

- -

נדבֿות אויך פֿאַר קריסטלעכע אַ'ן. ספּעציעלע אַ'ן פֿאַר יוגנטלעכע פֿאַרבּרעכערס. אַ, פֿאַר געווינערינס. "... עס זאָל זיך גע ינען אין זייער אַ, איין בּורס (בּחור) פֿון אַ בּירגערלעכן פֿאַק", אמד, קאַרטוכע, ווילנע 1878.

,,... געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאַט
דעם אײַנפֿאַל די אַ, צו גרינדן“, קמ, 1864,
No 45. ,,איז אַ יושר מע זאָל לאָזן אײַנגיין
אַזאַ נוצלעכע אַ, וואָס האָט אירס גלײַכן נישט?“,
יד אל, 1 1885, No. אַשר־יצר אַ, =
שפּאַ.

-

סיק, בית־הכּסא. אויך: פֿיקטיווע אַ'ן.
אָנשטאָלן — טרוו. שטאָל אָן, ~געשטאָלט.
פּפֿ. ~שטאָלעווען. מאַכן האַרט ווי שטאָל.

אָנשסאָפּן

אָ אַן אַקער. אָ, דאָס ה אַ ר ץ. “די האַנט
שׂטאָל אָן! דער שׂונא בײַ די טויערן!,,, מאיר
שוואַרצמאַן פֿון זיך אַליין זיך אויסגעלערנט
,,
אָנציִען אַ ראָד־שינע און אָ אַ האַק,,, ש.
בּרעג,

מאַן ניאָמקע שוואַרצ, קיִעוו 1935. אויך מיט
ז י ך — פֿלוצעם זיך אָ, און אַ שפּרונג טאָן.

־ער.

אָנשטאָלצירן — אוטוו ־ציר אָן, ,(גע)־
.

שטאָלצירט. שטאַרק אָדער אַ לענגערע צײַט שטאָלצירן. אָ, מיט די גראָטענע קינדער.

אָנשטאַמלען — אוטוו & טרוו. שטאַמל אָן, ~געשטאַמלט. שטאַמלען אַ לענגערע צײַט אָדער שטאַמלענדיק אָנזאָגן. אָ, ממש בײַ יעדן וואָרט. אָ, וואָס מע זאָל טאָן. אָ, פֿון שרעק. ־עניש.

אָנשטאַמסן — טרוו. שטאַמס אָן, ~ געשטאַמסט. (קאַמאַשן־שטעפּערײַ) אָנהאַקן לעכלעך אין די באָלעוועס. אָ, שיך. אָ, לעכלעך.

אָנשטאַמעווען — טרוו ־מעווע אָן, ,
גע.

שטאַמעוועט. (סטאָליערײַ) אָנהאַקן אַ לאָך, אַ רינווע אין האָלץ מיט אַ שטאַמײַזע. אָ, די ברעטער פֿון דער צווייטער זײַט, עס זאָלן זיך אַרײַנפּאַסן די פּיסלעך.

אָנשטאַמפּן — טרוו שטאַמפּ אָן, ~ געשטאַמפּט. פּפּ: ~שטאַמפּירן. אויך: י.,,שטאַמפּעווען. (בײַ פֿאַרשיידענע מלאָכות) אַרויפֿלייגן, אַרויפֿהאַקן, אַרויפֿקלאַפּן אַ

שטאַמפּ. אויך מיט ז י ך.
אָנשטאַנד — דער, ־ן. נר. [מע טרעפֿט אויך
אינגאַנצן דײַטש: אַנשטאַנד.]
אָנשטענדיקייט. עטיקעט. „די לײַט אָבער ווייסן קיין
דרך־ארץ. קיין אָ"", קמ, 47 1866, No. "אַן
אמתער, אָרנטלעכער קלוגער מאַן דאַרף האָבּן
אָ, און שׂכל געגוג", מר ￼י. "געטאַנצט מיט
איר... אַרומגענומענערהייט און אַ ביסל מער
ווי דער אָנגענומענער אָ, ערלויבט", זש, טמז,
15 1967 I. אָ'נשטאַנדיק — אַדי. דזוו
אָנשטענדיק. פּאַסיק לויטן יחוס. „.... איז דער
שידוך ניט געווען אָ', ווײַל דודס זיידע איז
געווען אַ שמשׂ אין שול", ש בעקערמאַן, די
דודישע קאָזאקין, אַדעס ￼188.
אַנשטאַנען ווערן — צזוו. 1 פֿטמ.
אָפּ.
שטעלן זיך. „דאָס קינד האָט אָנגעהויבּן אַן
אָטעם צו ווײַ￼ן, דאָך אָבער אין אַ קליינע צײַט
איז ווידער דער אָטעם אַ, געוואָרן", המאסף,
איבּז פֿון פּויליש, ווילנע [ערשטע העלפֿט 19.
י"ה]. 2. דזוו אַנטשטאַנען ווערן. דערשטוינט
ווערן. אַ, וו, פֿון אַזאַ גרויסער נדבֿה.
אָנשטאַפּלען — טרוו. ־פּל אָן, ~געשטאַפּלט.

אָנלייגן איינס אויף דאָס אַנדערע. אָ, געהילץ.
אָ, אײַזנוואַרג. ־ונג. ־עניש.
אָנשטאָפּן — טרוו. שטאָפּ אָן, ~געשטאָפּט.
1. אָנפֿילן, אָנפּאַקן אַרײַנשטופּנדיק. אָ, דעם זאַק, דעם קופֿערט אע. אָ, דעם שטרויזאַק. אָ, די פּערענע מיט נאָך פּוך. אָ אַ פֿעסל מיט
,
בּראָכוואַרג. אָ, דעם הויף מיט געהילץ. אָ, די קוקלע מיט זעגעכץ. אָ, אַ מאַטראַץ מיט האָר. אָ, די טאָרבּע מיט בּרויט. אָ, די קעשענע מיט

□

אָנשטאַפּירן

צוקערלעך. אָ, די ליולקע מיט טאַבּעק. „אַ לעכערדיקן זאַק קען מען ניט אָ'“, שון.
2. פֿיג. אָנפֿילן. אָ, מיט שקר, פּראָפּאַגאַנדע אַלע רייד. “שאַרפֿע און טערפּקע ריחות טראָגן זיך..., דערלאַנגען אין נאָז, שטאָפֿן אָן די חושים מיט נײַע געפֿילן“, בּערג, בּײַם דניעפּער I. „שטאָט! פֿאַרוואָס איז דיר געפֿעלן אָ, דײַן בּויך מיט ענגשאַפֿט“, אָקש, ווענט, ק□ עוו 1921. „דער דײַטשישער מעכאַניזירטער קאַט איז געגאַנגען אָ, מיט בּלוט די פּיסקעס און די

טאַשן,,, פּמ, מלחמה I. ,,דער גאַנצער גוף וואָס

מע האָט אים אָנגעשטאָפּט מיט תּאוות וועט
מוזן איבערפֿוילן אין דער ערד,,, צײַט, טמז,
29 1965 I [ציט אַ בּראַצלעווער תּפֿילה].

3. ספּעצ. אָנפֿילן די פֿאַרדײַאונג־אָרגאַנען
בײַם (געבן צו) עסן צו פֿיל, איבער דער מאָס.
צווינגען צו עסן, צו שלינגען (וועגן אַ
בעלחי וואָס מע וויל פֿעט מאַכן). אָ, דעם חומר,
דעם (זינדיקן) גוף. אָ, די קישקע, די פּעלקע.
אָ, דעם בויך, דעם טרעלבויך. אָ, דעם (
געשמדטן, טרייפֿענעם) האַלדז. אָ, דאָס מויל,
דעם פֿרעסער. אָ, די אינדיקעס אויף פּסח, די
גענדז אויף חנוכּה. אָ, עמעצן ווי אַן אָקס.
אָ, די קישקע, דעם חומר אע קען אויך
באַטײַטן: עסן ווען מען איז הונגעריק.

4. ספּעצ. אָנקלײַבן פֿאַרדינען אַ סך געלט.

,

אָ, די קעשענע(ס), אָ, די מאַרינאַרקע, די
פּלודערן. אָ, דעם טײַסטער, אָ, אַלע בײַטלען.
אָ, עמע ן מיט רענדלעך = מאַכן יענער זאָל
אַ סך פֿאַרדינען. ,,ער מיינט ער וויל אַשכּנז
פֿאָפֿן אַז מן אים ווערט דען בײַטל אַן שטאָפּן,,,

אַש[ז

5. ספּעצ. אײַנלערנען. אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ. אָ, אין קאָפּ תּורה. אָ, דעם קאָפּ מיט תּורה. אָ, דעם מוֹח מיט אומניצלעכע טעאָריעס. אָ, דאָס אייבערשטיבֿל מיט נאַרישקייטן. „מע האָט מיר, וו אַלע ייִדישע קינדער, אָנגעשטאָפּט דעם קאָפּ
,
מיט נאַרעסע לעגענדעס„, י"ז בן אַריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.

6. (וועגן מענטשן) אָ, אַ פֿולן וואַגאָן פּאַסאַזשירן. אָ, דעם זאַל מיט מענטשן. אָ, מענטשן אין זאַל. אָ, מענטשן ווי הערינג אין אַ פֿעסל.

7. אָנצירעווען פֿאַרצירעווען. אָ, זאָקן,
.
שקאַרפּעטן.

מיט ז י ך — זיך אָ, די קעשענעס. אָ, זיך מיט גאָלד. אָ, זיך מיט טרפֿות. "פֿון אַכילה גסה אָנצושטאָ ן זיך דעם בויך — דערפֿון קומט מען צו זנות חלילה", פּוקח עורים, שקלאָוו 1832, אות כו. ־ונג. ־ע ן. —עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

-

אָנשטאַסירן — טרוו ־פַיר אָן, ~
געשטאַ.
פַירט. אָנגרייטן עפּעס וואָס איז אַ צירונג
אָדער וואָס מאַכט באַקוועמער. אָ, כלערליי
נײַע דזשימדזשיקלעך. אָ, קאָנפֿעטי און לאַנגע
פֿאַפּירענע סטענגעס ־דנג.

.

אָנשטאַרבן זיך — אוטוו. שטאַרב זיך אָן,
ב י ן זיך [וועגן האָב ← אויסשטאַרבן, 365]
,געשטאָרבן. שטאַרבן אַ סך מאָל. ,,
איידער נאָך משיח בן יוסף וועט געהרגעט ווערן,

1661

קען ער זיך נאָך גענוג אָ, פֿאַר הונגער,,, פּרץ,
'נעילה,.

אָנשטאַרן — אַקוזוו. שטאַר אָן, ־,געשטאַרט.
אָנקוקן פֿאַרגליווערט, אומבאַוועגלעך. אָנשטעלן
אַ פֿאָר אויגן. אָ, עמעצן ווי אַ בייז־וואונדער.
“אירע אָפֿענע העלע אויגן שטאַרן מיך אָן
מיט אַן אומאויסגעשפּראָכענעם טרויער“, ייִט,
פֿײַגענבוימער, וואַרשע 1922.

אָנשטאַרקן — טרוו. שטאַרק אָן, ~
געשטאַרקט. (אַ ביסל) שטאַרקער מאַכן. אָ, דעם
קנופּ. אָ, דעם לייטער, מע זאָל ניט
אַראָפּפֿאַלן. אָ, בראַנפֿן. אויך מיט ז י ך — אדיך:
זיך אָננעמען מיט מוט. ־ונג.
אָנשטודירן — אוטוו & טרוו ־דיר אָן, ~(גע)־

.
שטודירט. שטודירן אַ סך, פֿאַרשיידנס. אָ,
(אויף) אַזוי פֿיל קורסן. אָ, (אין)
מאַטעמאַטיק. אָ, אין סעמינאַר און אין אוניווערסיטעט.
געוויינלעך מיט ז י ך — אָ, זיך און בלייַבן
אַ פֿרא אָדם.
-

אָנשטויבן — טרוו. שטויב אָן, ~געשטויבט.
אָנבלאָזן שטויב. באַדעקן מיט שטויב. אָ, דאָס
מעבל בײַם רייניקן די דילן. „דער ווינט שטויבט
אָן דאָס צימער“. אויך מיט ז י ו.
אָנשטוינען — אוטוו. שטוין אָן, י.„געשטוינט.
אָנקוקן מיט חידוש. באַקוקן און דערבײַ זיך
שטאַרק וואונדערן. אָ, פֿון די אויסטערלישע

זאַכן אין מוזיי. אָ, ווי דאָס ערשטע מאָל בײַ
אַ סדר ־ונג.

.

אָנשטויס — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנשטויסן (זיך). אַ שטאַרקער אָ.. אָ, פֿון דרויסן. 2. אָנפֿאַל, אַטאַק. אָנגריף. אָ, פֿון שׂונא. אַן אָ, פֿון אַ קראַנקייט. ,,איך האָב... נאָך אַן שטויס פֿון דען קדחת גיהאַט,,, גה, 191.

3. שטויס. גורם. סיבה. מאָטיוו. סטימול. אַן אָ, עפּעס צו טאָן. ,,ווען איז געקומען דער אָ, צום שרײַבן?,, ,,אַליר האַנט... פֿאַר שטענדיגי אין בילדונג... אַן שטויס גיהאַט“, גה, 133. “דער דירעקטער אָ, צו דעם מאָלן אָט דעם געבענטשטן דור“, לע, טמז, 3 1963 III.

4. רמז. וואונק. אָנצוהערעניש. זײַן טעמפּ אויף אַן אָ'. ,,אַן אָ, איז אים ניט גענוג, מע מוז אַלץ אים צעקײַען און אַרײַנלייגן אין מויל“.

5. שטער. מכשול. שטרויכלונג. אורח פֿאַרטײַטשט ,אבן נגף, (ישעיה, ח, 14): ,,שטיין פֿון אָ',, [תּי: ,,שטיין פֿון אָנשטויסונג“]. ,,זול זיא [די פֿרוי] ביטן צו גוט יי“ת דשׂ ער [דער מאַן] זול ווידר קומן מיט גיזונד און [= אָן]

אַל אַן שטאָס“, בראַנט, פּרק יח.
6 פֿאַרדראָס. ערגערניש. אַ טענה קעגן.
.
“האָט ניט קיין אָ, אויף מיר וואָס איך בין
אַרויסגעקומען מיט אָפֿענע רייד“. „דיזש מײַן
ביכליין פֿיל אַן שטויס ווערט האבן“, יוסף
מאַרשן שיני אַרטליכי גישיכטין, אַמשט תק„ע,
הקדמה. „איך מוז שרײַבן איין קליינין אַן
שטויס וועלכיש בחייו של בעלי זצ“ל גיהאַט
האבן“, גה, 84 פֿאַרדראָסיק איז דעם פֿאָטער
. „
אַ זון אַ נאַר און אַן אָ, ['וממר', תי “

ביטעראָנשטויסן זיך

ניש“] דער מוטער וואָס האָט אים געהאַט„,
מס, משלי תקע„ד, יז, 25. אָ־וו י נ ק ל.
־ונג — פּראָצעס פֿון אָנשטויסן (זיך). דזוו
אָנשטויס, בב 3— 6.
אָנשטויסן — טרוו. שטויס אָן, ~געשטויסן.
1. צעשטויסן, צעברעקלען וויפֿל מע דאַרף
(אין אַ פּראָצעס פֿון גרייטן שפּײַז). אָ, מצה.
אָ, מצה־מעל. אָ, צימרינג, פֿעפֿער, נעגעלעך אע.
2. אַ שטופּ טאָן מיט אָ גליד. אָ, עמעצן

מיט דער האַנט. אָ, מיטן פֿוס דעם באַלעם.
אָ, די באָקעס. „דער באָק האָט אים אָנגעשטויסן
מיט די הערנער„. „דער וועג פֿון הולטײַסטווע
איז ווי אַ טי ע פֿינצטערניש, וואָס מע קען
זיך נישט אײַנהיטן פֿון עפּעס אָנצושטויסן„,
מס, משלי תּקע„ד, ד, 3 .19. אָנקלאַפּן עפּעס
אָן (אין) עפּעס. אָ, אַ שטיין אָן אַ שטיין, עס
זאָל אַרויס אַ פֿונק. אָ, די גלעזלעך מיט משקה
און זיך ווינטשן לחיים. 4. אָנשטאָפּן.
אַרײַנשטופּן. אָ, אַ זאַק מיט בעטגעוואַנט. “מע טאָר
ניט... אָ, דאָס עסן [דעם קעמל] אין האַלדז„,
איבז, תּיקוני שבת, אוסטרהא 1818.
5. אַקוזוו זן. אָנטרעפֿן אַ שטרויכלונג. אָ,
אַן אבֿן־נגף. אָ אַ טויטע וואַנט. „גאָט, האשׂט
,

-

... אויש גיצוגן... מײַן אויגן פֿון טרעהרין,
מײַן פֿוס פֿון אנשטוסן„, מחזור שלש רגלים,
אַמשט 1713, מד/ב.
6. אוטוו. אַנשטאָט אָנשטויס זיך. אָנטרעפֿן.
„וועלן אַמאָל שפּעטערע רײַזנדער אָזוי אָ, אָן

אונדזער קאַראַוואַנע,,, אמד, דיא וויסטעניַיא זאַהאַראַ, ווילנע 1868.

7. אוטוו. אַרכ. אָנקומען. צופּאַלן. ״דא וואַר דיא נכט און גישטושׂן,,, בּבֿא־בּוך, 465.

אָנשטויסן זיך — ← דפּוו. 1. טרעפֿן.

כאַפּן פֿאַרשטיין וואָס מע מיינט, אויף וואָס —,

מען איז מרמז. מיט יעדן טאָג אַלץ מער זיך אָ אַז.... זיך אָ, וואַס ער מיינט. ,,בּײַם

,

צווייטן מאָל דערמאָנען וואָלט ער זיכער זיך אָנגעשטויסן,,. זיך אָ, א י ן יענעמס כּוונה.

״אַז עס פֿעלט אַן אות מאַכט ניט אויס, מע וועט זיך אָ״״. ,,ווי איר קענט אַליין זיך אָ',,.

,,איך אָבער בּין נישט קיין מלופּם־קינד און נישט ערשט נעכטן פֿונעם איי אַרויסגעקראָכן אַז איך זאָל מיך נישט קענען אָ',,, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע ,,פֿאַרדרייט איר חתימה אַזו אַז קיין בּן אָדם זאָל זיך ניט אָ אַז זי

, -

האָט זיי [די בּריוו] געשריבּן,,, בּערג, אַפּגאַנג

2. בּײַם בּאַוועגן זיך, זיך אָנטרעפֿן, זיך פֿאַרטשעפּען אויף (אָן) עפּעס. פּלוצעם

באַגעגענען עמעצן. זיך אָ, א ו י ף אַ וואַנט. זיך
אָ, אויף א משונה־מאָדנעם פֿאַרשוין. זיך אָ,
אויף אַ שטעגל אין וואַלד. ״וועסטו זיכער גיין
דײַן וועג. דײַן פֿוס וועט זיך אין ערגעץ ניט
אָ'״, מס, משלי תּקע״ד, ג, 23. ,,
אַרויסגייענדיק האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעשטויסן אויף
דער רביצין,,, ש. וואָלצענאָק, רבי יוחנטשע,
וואַרשע 1883. ,,דעם קאַפּעליוש זײַנעם האָט
זיך געטראָפֿן אַ מכשול: ער האָט זיך
אָנגעשטויסן אָן אַ קראָקווע א ן איז אַראָפּגעפֿאַלן,,,
ממוס, 'בישיבה של מעלה'. ,,גאַנץ אָפּט שטויסטו
דיך אָן א י ן אַ אַרטראַכטן ייִד אויף דער
-

אָנשטויסעריש

דזשיקע גאַס״, פּרץ, געדאַנקען און אידייען
,,גייענדיק אין דער רוישנדיקער גאַס און
אָ'דיק זיך אויף אַ לוויה...״, אַר, 'די
אָפּשפּיגלונג'. ,,ביז טאָג זיך אָנגעשטויסן אויף
נאָך טיילן פֿון אַרטילעריע,,, ש. ברעגמאַן,
דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931.
3. פּלוצלינג זיך אָנטרעפֿן אויף (מיט) אַ

דערשײַנונג. זיך אָ, אויף (אין) אַ נײַעם
געדאַנק. זיך אָ, אויף ווערטער וואָס מע
פֿאַרשטייט ניט. מע שטויסט זיך אָן אויף אַ
האַרבער קשיא, אויף אַ תּיקו. זיך אָ, אויף
גרויסמוטיקייט, אויף מיאוסע מעשׂים, אויף
קלײנפּאָליטיק. זיך אָ, אויף אַן אַרטיקל וואָס
אינטערעסירט. זיך אָ, אין (אָן) די זעלביקע
שוועריקייטן. „האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ
בילדל, האָט ער עס באַלד אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירט
אין מוח און דערנאָך עס קינסטלעריש
איבערגעמאָלט“, מוק, פֿאַש, 19 XI 1954. “ס'איז גוט
זיך אָנצושטויסן אין בוך אין אַ קרע טיקן
צאָרן“, לע, טמז, 1964 I 21.
4. קזוו. שטויסן זיך איינס אָן דאָס אַנדערע.
זיך צונויפֿשטויסן. זיך אָ, בײַם אַרויסגיין פֿון
בנין. „גוטע און שלעכטע געדאַנקען מישן זיך
איבער, שטויסן זיך אָן איינער אָן דעם צווייטן“,
ממוס, 'בישיבֿה של מטה,. „מיט דעם

קלאַ

פֿערדײַ פֿון וואַגאָנען, וואָס שטויסן זיך אָן
איינער אינעם צווייטן בײַם צונויפֿשטעלן דעם

בּאַן“, ה. דאָבּין, סאָוו, היימלאַנד, 1912, No.
5. אָנקלאַפּן זיך. ווען אַ ליימענער טאָפּ שטויסט זיך אָן אויף אַ קופּערנער פּאַן. „איין מענש שסאסט זיך ניט אהן זײַן קליין וינגר

אונטן, דען מן שראײַט עשׂ אוישׂ פּאַר ים הימל“, בּראַנט, פּרק יג. „דער דזשעט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ אָפּהאַנג פֿון בּאַרג“, טמז, 1925 I.
6. צופּעליק געפּינען. זיך ראָיען צווישן אַלטע שמות און אָ, זיך אויף אַ וויכטיקן כּתבֿיד. זיך אָ, אין אַרכיוו אויף אַ וויכטיקן היסטאָרישן דאָקומענט.
־עכן. ־עניש. ער (־ין, —קע). ־ערײַ.

אָנשטויסעריש — אַדי וואָס האָט די טבֿע אָנצושטויסן, אָנצוגרײַפּן. „שווײַגעוודיק און מיט אַן אָ'ן בּליק האָט זי אים איבּערגענומען...“, ראָל קאַפּלאַן, שליאַך און אום— וועג, ת אָ 1964, ז, 18 ־קייט.
“
.
אַנשטומט ווערן פּטמ דזוו אַנטשטומט

ווערן. “דו ווערסט ניט אַ, וו', דו פּיסקאַטע?“,

שע, ,יקנה‘‘ז'. ,,אַ, איז געוואָרן דער גאַנצער
טראַנזיטנער וואָקזאַל‘‘, וויספּע, קאָוונע 1923,
העפֿט ג. אַנשטומט — אַדי. ‘‘ניט ליבּע
געשטילטע, נאָר ווייטיק אַ'ן דערוועקט ער אין
מיר‘‘, אָשר שווארצמאַן, לידע□ און בּריוו, 1935.
אַנשטומעניש.

אָנשטופּן — טרוו. שטופּ אָן, □ ,געשטופּט.
1. אָנפֿילן, אָנלייגן מיט אַרײַנשטופּן. אָ אַ
,
פֿולע קעשענע מיט בּאָקסערן. אָ, שטרוי אין
אַ זאַק. אָ אַ זאַק מיט שטרוי. אָ, וואַטע אין
,

אויער. אָ, פֿאַרשוינען אין בּויד. □אָ, דעם

וואָגן = אויך: א) העלפֿן אין דער פּרנסה;
בּ) העלפֿן בּײַ אַ געזעלשאַ□טלעכער
אונטערנעמונג. ‘‘ממתּקים, געלט הייסט דאָס,...
איז דווקא פֿון אלו דבֿרים שאין להם
שיעור. אָט וויפֿל מע קאָן אָ, און ס'לאָזט זיך
שטופּן — טאָ שטופּ!‘‘, דער לאַדזער סוחר,

באַרד □ טשעוו 1910. „זי [די ליולקע] פֿריש
אָנגעשטופּט מיט טיטין פֿון אַ פּאַכירענעם
בײַטל“, י. ל בינשטאָק, בײַ ר, שלמה
בערלונער, לוואָוו 1896. “האָבן זײ אָנגעשטופּט
שטרוי אין אַ שינעל, געמאַכט אַן
אָפּודעלע...“, אי. מיקיטענקאָ, איבּז, □ ריליִנג, קיִעוו
1935. 2. דזוו אָנשטורכען.
מיט ז י ך — „ער אַליין שטופּט זיך אָן
פֿולע הויזן...“, א. בערגמאן, דאָס פּוילישע
שטעטיל, וואַרשע 1926 ־עכץ. ־עניש.
.
־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
אָנשטוקעווען — טרוו. ־קעווע אָן, ~
געשטוקעוועט. צוגעבן, אָנגייען. אָנקלעפּן, אָנשלאָגן
אַ שטיק. אָ אַ ברעט צום טיש. אָ אַ פּאַס
, ,
סחורה צו אַ קלייד. „נאָכאַלעמען ווערט די
טיר קורץ און מע דאַרף זי אָ'“, בער.
אָנשטורכען — טרוו ־כע אָן, □ ,געשטורכעט.
אויך: ~שטאָרכען. עטלעכע מאָל
שטורכען, שטויסן, טאָרען, שטופּן. אָ, דעם יאַט
און אים אויפֿוועקן פֿון שלאָף. מיט ז י ך.
־עניש.

אָנשטורעם — דער, ־ס. אַקט פֿון
אָנשטורעמען. אָנדראַנג מיט אימפּעט און כּוח. דער
אָ, פֿון גרויסע געשעענישן. "טויערן [פֿון אַ
גײַסטיק געטאָ]... קענען גרינג אײַנפֿאַלן אין
דעם האַסטיקן אָ, פֿון אַ פֿרײַען פּראָגרעסיוון
געדאַנק", זשיט, ייִדישע קולטור, דעצ, 1963.
,,די קעגנכוואַליע הײַנט איז פֿון ניט קיין
קלענערן אָ', ווי עס איז געווען... פֿאַר... דער
אָקטאָבער־רעוואָלוציע", מ צאנין, לנ, 1971
.I 2

אָנשטורעמען — ־עם אָן, ~געשטורעמט.
טרוו — אָנפֿאַלן מיט (אַזוי ווי) אַ שטורעם.
"דער שׂונא שטורעמט אָן די פֿעסטונג,,. אוטוו
— 1. אָנפֿאַלן אויף עמעצן מיט אַ טומל און
אַ כּעס. אָ, אויף אונדז מיט זידלערײַען.
2. אָנקומען מיט אַ שטורעם. ,,וואָס האָסטו
דאָ אַנגעשטורעמט? האָסט וויכטיקע נײַס?"
3. דריטפּערזאָניק (וועגן אַ נאַטור־דערשײַנונ).
,,די זאַווערוכע האָט אָנגעשטורעמט און
פֿאַרשאָטן אונדז מיט שניי",,.

אָנשטותעווען — אוטוו & טרוו ־תעווע אָן,
.
~געשטותעוועט. (אָפּ)טאָן אַ סך נאַרישקייטן,
שטותערײַען. אָ, מיט איבעריקע רייד. אָ, ווילדע

פלענער. ״א□ן איין מעת־לעת קען ער אָ, מער ווי דער גרעסטער שוטה אין אַ חודש״.

אָנשטיוולען — טרוו ־וול אָן, ~געשטיוולט.

נעאָל. 1. אָנטאָן, אַרויפֿציִען שטיוול. אָ, די פֿיס. 2. באַזאָרגן מיט שטיוול. אָ, די אָרעמע פֿויערים.

אָנשטייגן — אוטוו. שטײַג אָן, ה אָ ב & ב י ן

--

□..,געשטיגן (אויך: ~געשטויגן). שטײַגן

אָנשטיין

העכער. ״דאָס וואַסער בעתן געוויסער איז אָנגעשטיגן ביז צו די פֿענצטער״ פֿרייד ועט

.״

אָ', ווען מע וועט זיך דערוויסן אַלע פּרטים פֿון נצחון״ ־עניש.

.

אָנשטיין — אוטוו. שטיי אָן, ב י ן ~

געשטאַנען [וועגן ה אָ ב אין לר ← אויסלויפֿן]. 1. געוויינטלעך דריטפּערזאָניק און אין אַ נעגאַטיוון זאַץ אָפֿטער ווי אין אַ פֿאָזיטיוון. פֿאַסן. זײַן פֿאַסיק, זײַן צוגעפֿאַסט. זײַן בהסכּם מיט דער סאָציאַלער פּאָזיציע. זײַן לויטן יחוס, זײַן

געגוג בכּבודיק. זײַן אין גוסט. „דער שידוך שטייט אים [דאַטיוו] ניט אָן“. „איך שטיי אים ניט אָן פֿאַר אַ (קיין) מחותּן“. "וואָס? עס שטייט אײַך שוין ניט אָן אַרײַנצוקומען צו אונדז?“. „מײַן טאַטן שטייט גאָרניט אָן צו רעדן מיט דײַן טאַטן“ — ווען חדר־ייִנגלעך פֿלעגן זיך פֿאַרמעסטן אין זייער יחוס. "עס שטייט מיר ניט אָן צו פֿאַרפֿאַטשקען די הענט מיט דיר“ — ווען אַ פּחדן דרייט זיך אַרויס פֿון שלאָגן זיך. "ער איז אַזאַ בעל־גאווה אַז אים שטייט ניט אָן צו רעדן צו זיך אַליין“, פֿוול "מיט דײַן פּנים מעג דיר אָ, צו זײַן אַ קוימענקערער (אַ מיסטפֿירער, אַ קעמערקעראמער אע)„ פּטמ בײַם געבן אַ לינקן קאָבד

-

פּלימענט. "אַז דו שטייסט מיר אָן, מעג איך אַוודאי דיר אָ'“ — אין אַ ברוגזן שמועס צווישן אַ פּאָרל. עס שטייט אים ניט אָן אַז זײַן ייִנגל זאָל ווערן אַ בעל־מלאָכה (זײַן טאָכטער זאָל זיך שטעלן אין דער פֿרעמד פֿאַר אַ דינסט, זײַן ווײַב זאָל ווערן אַ

קורעלאַפּניטשקע אאַזוו). „עס מעג אַמאָל אָ, אַ חכם זיך נאַריש צו מאַכן„; „אַ גרויסן בעל־גאווה שטייט ניט אָן אַ קליינע מצווה טו טאָן„; „וואָס אַנדערע שפּײַען זאָל דיר ניט אָ, איבערצוקײַען“; „אַ גרויסן סוחר שטייט אָן נאָר אַ גרויסער אָנזעץ“, שוו. „זאָל ער מיט מיר רעדן — שטייט דאָך אים ניט אָן“; „ווער איז אײַער משפּחה? ווער איז אײַער פֿאָן? און ווען ניט אײַער שיינע טאָכטער — שטייט איר מיר ניט אָן“ פֿל. „קומט דעם רבֿס זון און זעצט

,

זיך אויבנאָן; וויל ער מיט מיר ריידן, שטייט דאָך מיר ניט אָן“ פֿל

,

“דוא זולשׂט דען קויניג הויטן דשׂ שטוינד דיר וואַל אַן“, שמואל־בוך, סטראָפֿע 678.
“שטיט מיר ניט אַן זײַני מעלות צו שרײַבין, וועלכי איך ניט דיא העלפֿט אודר דאשׂ מעשׂר [= צענט חלק] בישרײַבין קענט“, גה, 321.
„עשׂ שטיט וואול אַן צו ישׂראל דז עניות אַז איין רויטי ר ו י ז צו איינם ווײַשׂ פֿערד„, לט1, קמו/ב [לויט חגיגה, ט/ב. דאָרטן ברזא: אַ צײַמל]. “ווער מיט דער תּורה אום גיאט

שטיט ניט וואהל אַן ער זיך דורך פּרעסין אונ, זויפֿן איין דיקן האַלז אונ, פֿעטין לייַב צי היט", ס״ר מבחר הפנינים, הומבורג תּצ"ט, ד/א. "אַזוי ווי עס שטייט אָן דעם חזיר אַ גילדענע נאָזבאַנד ['נזם זהבֿ באף חזיר...'], אַזוי שטייט דיר אָן די מלוכה", תּרגוס שני, איבּז, יאַס 1843. "אַלץ וואָס זי גייט הײַנט אָנגעטאָן שטייט צו איר פּנימל גאַנץ שיין אָן", עט, לידער. „מיט אײַער פּנים וואָלט איך

אָנגעאָנשטיין

שטאַנען זײַן אַ סעדיכע אין מיטן ווילנע אויף גיטקע טויבעס זאַוואולעק„, שע, בלאָנדזענדע שטערן I.

2. אויפֿקומען קעגן עפּעס אָדער עמעצן. צושטיין מיט עפּעס וואָס איז ניט גינציק.

אָנפֿאַלן. ״שׂונאים זײַנען אָנגעשטאַנען אויף אונדז„. אָ, אויף מײַן קאָפּ, אויף מײַן לייַב און לעבן. „ווען אַ מענטש זעט דאָס רשעים שטייען אָן אויף אים, זאָל ער צו זיי זײַן קאָפּ אײַנבייגן„, אור עולם, נעתּק ונאסף ע"י ר, יע)ראָל ממינסק, ווילנע 1865. "זאָל דיר טרעפֿן אַ שלאַק אין די ביינער! וואָס ביסטו

אָנגעשטאַנען אויף מײַן לעבן, שלאַנג!,,, א. מאַרגאָלים, די געהיימניסע... ⁂ וואַרשע 1882.
,,וואָס איך לײַד דאָס אַ ביסל פֿון יענעם, וואָס איז ער אויף מיר אָנגעשטאַנען,,, פּלאי, המדבר בצדקה, וואַרשע תּרנ,,ב. ״דער זעלביקער יונג
וועלכער האָט אײַער ליבן ז⁂ן אין אומגליק געשטירצט איז יעצט אויף אײַך
אָנגעשטאַנען״, י. בודזאַהן, אַגיטרא⁂־ע ווײַביל חלעבין, ווילנע 1892.
3. שטאַרק צושטיין. בעטן עפּעס אַ לענגערע צײַט. ״איך וועל אָ, אויף אים, וועל איך פּועלן״.
״אַז דאָס ווײַבעלע שטייט אָן, איז דער מאַן ניט מער דער האָן״, שוו. ,,איז איין ווײַל אַן גשט[אַ]נדן דער חסיד,... גיבעטן אליהו ער זולט זיהן וויא זיך זײַני קינדר ור הלטן,,, בראַנט, פּרק ו. ״איין מאָל האָט אים דער פֿירסט אַזוי שטאַרק געבעטן און ער איז אים זייער שטאַרק אָנגעשטאַנען דאָס ר, אמנון האָט ניט געקענט פֿון אים לויז ווערן״, מחזור ר״ה ויו״כ פּפּדמ 1885, קנה. ,,ער וועט דערציילן
,
גיטעלען, טאָמער וועט זי אָ, אויף איר פֿאָטער אַז ער זאָל אים יעצט ניט שיקן״, א, מעש״ה

[מ. עפּשטיין], דיא אומגליקליכע יתומה, וואַרשע 1878.

4. (וועגן אַ דערשײַנונג) אָנקומען און געדויע�ן. אײַנשטעלן זיך. „עס שטייט אָן אַן עפּאָכע פֿון גלויבן". „ס'איז פֿרײַ אָנגעשטאַנען דער ווינטער מיט זײַנע פֿרעסט„. „אַ צווייטער דור־המדבּר איז אָנגעשטאַנען". "דאשׂ האָט אַזוי לנג אַן גישטנדן, ביז בּנו... מהאמל אוישׂ פּולין איז קומין„, גה, 343. "איז ווירקלעך אָנגעשטאַנען אַ טיפֿע און אויפֿריכטיקע פֿרײַנדשאַפֿט צווישן...". בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. "עס שטייען אָן צײַטן, ווען ס'וועט זײַן מאַשין מיר דעם מוח פֿאַרבײַטן„, האַל, מײַן אוצר

5. (וועגן שלעכטס, וועגן אַ צרה) אָנקומען. "עס שטייט אָן אויף אים דער טאָג, זײַן יבֿואיומו". „דײַנע פֿאַרלאַנגען קאָן איך דיר ניט טאָן, וואָרעם אַ גרויס אומגליק שטייט דאָך פֿאַר מיר אַן" פּל. "די ערגסטע סכּנה איז אָנ— � , געשטאַנען, ווען די אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע האָט פֿאַרכאַפּט די שליטה", ם. ליפּצין, ייִבל I�י 1, X. "סאַראַ שטילקייט אויף אונדזער גאַס

פֿון לידער, סאַראַ וויסטע אײַזיקייט עס איז
אָנגעשטאַנען", אַלטער עסעלין פֿאַש, 1958
,
III ׳ י 1. „ווען שענדער טראָגט אויף זיך די
קרוין פֿרן צדיק און דער געשענדעטער דעם

1663

דאָרן פֿון אַ רשע — איז ווען זשע אַנדערש
קען די רגע אָ'?„, הל, 'אַבעליאַר און העלואיז'.
6. אַרכ. געדויערן. ציִען זיך אַ לענגערע
צײַט. "וואז איין ווײלי אַן שטיט זוא בלײַבט
עז... איין זויא", פּבּ, 1588 [הש II]. "וואונט
דער תּובֿע ניט היא... דא קאַן מן אים זײַן
נאמנות ניט נעמין, אם לא [= סײַדן] עס שטייט
חמשה שנים אַן, דא האבּן דיינים ׳כט„, תּקק
„עשׂ שטונד ניט לנג אַן — ער זאָגט די הלכה
אונטר ישׂראל", בּראַנט, פֿרק טו. „איז אַן
גישטאנין כּמה דורות [בּיז ייִדן האָבּן געקאָנט
אײַננעמען דאָס לאַנד פֿון די פּלישתּים] פֿון
וועגין וייל זיא האבּין טובֿות גיטאן דיא אָבֿות
הראשונים", נצ 1, לא/ג. „ווען דײַן חבֿר איבּר
דיר בּרוגז איז, זאָלשׂטו עשׂ קיין טאָג לאָזן

אַן שט▯ן און, זאָלשׂט אים מחילה בעטן“,
מחזור שלש רגלים, אַמשט 1713, טו/ב. ▯“ער האָט אין איין לאַנגי צײַט קיין וואָרט ועלן רידן... נון, עשׂ איז לאַנג אָן גישטאַנדן....,,
לט1, קכו/ב.

7. לאַנג שטיין. בלײַבן. שטיין אויף איין אָרט. אָ, אויף די פּיס דעם גאַנצן יום־כּיפּור. „שו▯ן געגוג אָנגעשטאַנען הײַנט בײַם וואַרשטאַט“.

8. אַרכ. אַקוזוו לאָזן אַזוי ווי עס איז. „דוך וויל איך עשׂ הוייט לושׂן אַן שטין און, וויל וואַרטן אויף דען דעגן ורומן,,, בבֿא־בוך, 480. “איך וויל אײַך שענקן צווייא לאַנגן קערצן אונ, לושׂט נאַר אייאר זינגן אַן שטין,,, ספּר משלים, פּפּדמ 1686, ח/ב. „זאָלשׂט אימר לאז▯ן איבר נאַכט איין משפּט אַן שטיאן פּילײַכט ווערין
,
זיך דיא בעלי־דינים קענין משווה זײַן,,, עיון, יח/ב.

אויך מיט ז י ך — זיך אָ, אויף דער וואַך.

-

אָנשטייסן — טרוו. שטײף אָן, י.,,געשטײפֿט.

-

.

1. מאַכן עס זאָל זײַן שטײף, שטײַפֿער. אָ, דעם קאָלנער. אָ, דאָס אייבערהעמד. אָ, דעם קאָרסעט. 2. אָנציִען. ש ײפֿער אָנבינדן, אָנקניפּן. אָ, די שטריק. אָ, דעם קאַנאַט. אָ, די דראָטן. 3. אַרויסרוקן, אַרויסשטעלן פֿאָרויס, עס זאָל זײַן האַרט, שטײף. אָ, אַ פּאָר האַרטע פֿויסטן. אָ, די מוסקלען. ,,ער גלײַכט זיך באַלד אויס, שטײַפֿט אָן די אַלטע ברוסט,,, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פֿאַריז l924.

מיט ז י ך — ,,זײַן גוף האָט זיך אינגאַנצן אָנגעשטײַפֿט,,, פּנחס גאָלדהאַר, דערציילונגען ון אויסטראַליע, מעלבורן 1939 ־ונג.

.

־עניש.

אַנשטילט ווערן פֿטמ דזוו אַנטשטילט

.

ווערן. אַ, וו, און אײַנשלאָפֿן מיט אַ שווערן שלאָף. אַ, וו, א ן זיך צוהערן צום רעדנער.

אָ'נשטימיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן אַ (גוטער) שטים. עפּעס אַן אָ'ער זינגער. 2. וואָס די שטימבענדער ציטערן ניט בײַם

אַרויסבּרענגען עס. אָ'ע קאָנסאָנאַנטן. „בײַ די קלאַנגען [ס], [ש], [פֿ] אאַ הערט מען ניט דאָס וויבּרירן. דאָס זײַנען די אָ'ע קלאַנגען„, יאי, ייִשפּ XXI, 1 ־יקייט.

.

אָנשטימען — טרוו. שטים אָן, ~געשטימט.
1. אָנסטראָיען אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.

אָנשטיצן

אָנציִען סטרונעס, די קלאַנגען זאָלן זײַן די ריכטיקע. אָ, די .דל. אָ, אַ פּיאַנע „

אַרויסגענומען ון די שיידן זייערע פֿאַרשיידענע סטרונע־אינסטרומענטן, זיי אָנגעשטימט ציטערדיק, שטיל„, בּרוך גלאַזמאַן, שטיינוועבּס, מאָסקווע 1925. 2. אַרויסרופֿן, שאַפֿן די געהעריקע שטימונג. אינספּירירן. אָ, דעם עולם בּ אַ הזכּרה. „דער קינסטלער... זאָל אויף

י

זיך לאָזן... אָ, דעם גײַסט פֿאַר שטילע בּאַטראַכטונגען“, ס. ראַסקין, דאָס נײַע לעבּען, נ“י, נאָוו, 1910. “אַ זונפֿאַרגאַנג אַ קופּערנער, אין אײַז געקאָוועט, האָט אָנגעשטימט מײַן

האַרץ צו זינגען אין סיבּיר,,, חג, איק, פּסח תּשט"ז. מיט ז י ו.

אָ'נשטימענדיק — אַדי. 1. וואָס איז אָן שטימען. אָ'ע שטומע בּאַשעפֿענישן. ,,און ווערטער זײַנען דאָ אָ'ע, ווי ווערטער־שאָטנס אָן אַ קלאַנג", רובּ, פֿאָר, 2 .1 1967 I. וואָס האָט ניט קיין שטימרעכט. ,,די וואָס האָבּן ניט קי␣ן בּאַשטענדיקן וואוינאָרט בּלײַבּן אָ'". ־יקייט.

אָנשטינקען — שטינק אָן, ~געשטונקען.

אוטוו — אַרויסגעבּן אַ שלעכטן ריח, אַ געשטאַנק. אָ, אין צימער. אָ, מיט אַן אָנזעץ. "עס האָט אָנגעשטונקען מיט בּענזין,,.. טרוו — אָנפֿילן מיט אַ געשטאַנק. אָ, די צימערן מיט כלאָר. אויך מיט ז י ך. ־עכ␣ן. ־עניש. ־ער (־ין, —קע). ־ערײַ.

-

אָנשטיסטן 1 — טרוו. שטיפֿט אָן, ~ געשטיפֿט. דטשמ. נר. אָרגאַניזירן, אויפֿשטעלן אַ צאָל (אַנשטאַלטן). אָנשאַ␣ן. אָ,

יתומימהײַזער. אָ, שפּיטאָלן. „דיזוש אום וויסנד האָט פּיל פּר דערבּנש אהן גשטיפּט“, אבֿן י􏰀tראל, מעץ 1766. ־ער — אויך: איניציאַטאָר, אויפֿהעצער. „זיי האָבן שבֿת גאַנץ פּרי אונטערגעצונדן. נאָר דאָס איז ניט פֿון זייערע קעפּ אַליין, עס מוזן זײַן אָ'ער„. ־ונג.

􏰀

אָנשטיסטן ll — טרוו. שטיפּט אָן, ~ געשטיפּט. אָנפּעסטיקן מיט שטיפּטן. אָ אַ
,
פּלאַטע אײַזן. אָ, בלעך. אָ, רייפּן אַרום אַ פּאַס.

-

אָנשטיסן — אוטוו. שטיף אָן, ~געשטיפּט. שטיפּן אַ סך. „חבֿרה שטיפּן אָן און לאָזן דעם זיידן ניט שלאָפֿן“. „אָנגעשטיפּ[ט און אָנגעהוליעט, זיך גענוג נאַריש געמאַכט„. מיט ז י ך — “ווען ער וואָלט אין זײַן יוגנט זיך גענוג אָנגעשטיפּט, וואָלט ער אַזש אויף דער

עלטער זיך נישט צעבּונטעוועט,,, חג, טמז, 6 XII 1963. ־עניש.

אָנשטיץ — דער, ־ן. אַקט פֿוּ אָנשטיצן. אָנלען, אָנשפּאַר, אָנהאַלט. אַ שוואַכער אָ'. ,,קיין רבֿ איז ער נישט געוואָרן. צו דעם האָט מען באַדאַרפֿט אַ שווער אַ תּקיף, אַן אָ, אין די רבנישע הויפֿן", אַש תּהילים־ייִד אָ'־פּונקט.

־ן . .

אָנשטיצן — טרוו. שטיץ אָן, ~געשטיצט. אָנשפּאַרן, אָנלענען. אָנ עסטיקן. אָ, דעם סלופּ, ער זאָל ניט פֿאַלן. אָ, אָ לייטער אָן אַ וואַנט. ,,ער האָט אָנגעשטיצט דעם קאָפּ אָן זײַנע בּיידע

אָנשטיקן

הענט", ע. בּ. [עוזר בּלאָשטיין], דער לוח פֿון הײַנטמאָדישע ליעבע, ווילנע 1892. מיט ז י ך — ,,זי האָט זיך געפּרוּבירט שטעלן, זי האָט זיך אָנגעשטיצט אָן זײַנע אַרעמס", דאָרטן. ־עכץ. ־עניש.

אָנשטיקן 1 — טרוו. שטיק אָן, ~געשטיקט. אָנווערגן. כאַפּן דעם גנבֿ און אים אָ'.

אָנשטיקן 11 — טרוו. שטיק אָן, ~געשטיקט.

אָנהעפּטן, אָנהאַפּטן. אָנשטריקן. אָ, לענגערע
זאָקן. אָ, רויטע פּעדעם צום וואָלענעם סוועדער.
־עכץ.
אָנשטיקעווען — טרוו ־קעווע אָן, ~
גע.
שטיקעוועט. 1. דזוו אָנשטיקן 2 .II.
צושטוקעווען. אָנשטוקעווען. אָ, נאָך אַ ברעטל.
3. לאָקל, גאַליציע. אָנזעצן, באַנקראָטירן. „
געווען אַ שניטקרעמער... און האָט שוין
עטלעכע מאָל געהאַט, ווי מע זאָגט,
אָנגעשטיקעוועט“, מ. מ. אויזערקיס, דער
פּריוואַטלעהרער
I, דראָהאָביטש 1898 [אייגנטלעך איז דאָס
וואָרט: אָנשטוקעווען]. 4. בעס אָנמאַכן
שמד־שטיק.
אָנשטעדיקן — דזוו אומשטעטיקן, ← 673.
‟און, דוא ווערשׂט נעמן פֿון זײַנן טעכטרן
צו דײַנן זינן און, זיא ווערדן אונשטעדיגן
נאָך אירן אפּגוטן און, זיא ווערדן מאַכן
אונשטעדיגן דײַן זינן נאָך אירן אפּגאטרן“, טח,
שמות, לד, 16.
אָנשטעטיק — אַדי. פּר. וואָס איז אָן אַ
שטאַט, היט ניט אָפּ קיין שטאַט. אָ'ער
פּרעסער. אָ'ע יונגען.

אָנשטעכן — טרוו. שטעך אָן, ~געשטאָכן.
1. אָנפֿעסטיקן, אָנטשעפּען מיט עפּעס וואָס
האָט אַ שאַרפֿן שפּיץ. אָ, אויפֿן קישעלע
אויסגעהאַפֿטע בלומען. אָ, אַ בילדל אויפֿן ווײַסן
פּאַפּיר. אָ, לאַטערלעך אויף אַ בויגן פּאַפּיר.
אָ, אויר־ינגלעך אויף די לעפּלעך פֿון די אויערן.
אָ אַ ווערעמל אויפֿן האָקן פֿון דער ווענטקע.
,
"אַנשטאָט אַ ווערעמל שטעכן זיי אויף דער
ווענטקע אָן אַ פֿישל אַ נקבֿה", איבז, ל
פֿויכט.
וואַנגער, פּעפּ, ריגע, יאָר? 2. אָננייען מיט
עטלעכע שטעו. אָ, אַ גאַרטעלע צו דער בלוזע.
אָ, אויפֿן (צום) מונדיר דעם צייכן פֿון ראַנג.
3. אײַליק צוציִען די אויפֿמערקזאַמקייט (מיט
אַ בליק, מיט אַ רוף). "ער האָט מיך
אָנגעשטאָכן מיט אַ לאַנגן בליק וואָס איז
אַרײַנגעדרונגען אין מײַן נשמה", מ. גאָלדשטיין
איבז, וו. קאָראָלענקאָ, טורמע־וואַנדערונגען,
וואַרשע, יאָר? „אַ פֿרײַער וואָס איז
געשטאַנען נאָענט האָט אים אָנגעשטאָכן. 'בירגער!'...
מע שנײַדט אײַך די קעשענע", אי. מיקיטענקאָ,
פֿרימאָרגן, קיִעוו 1935.
4. אַ ביסל שטעכן (ניט וויפֿל מע דאַרף).

„ס'איז ניט גענוג אָנצושטעכן אַ בלאָטער, מע דאַרף גוט דורכשטעכן". 5. דזוו אָנשטעקן. אָ, מיט די נײַע אידייען.
6. ארכ אָנצינדן, אונטערצינדן. „האבן פײַאר דראָן אַן גישטאָכין", יוסיפֿון, אמשט 1743, רד/ב. 7. דזוו שטעכן, אַ שטאָך טאָן. „אַ בֿץ האָט אים אָנגעשטאָכן און די האַנט

איז אויפֿגעלאָפֿן". *דער האָבער האָט אים אָנגעשטאָכן (אין הינטן) — פֿון וואוילטאָג אָפּטאָן
--
אַ נאַרישקייט. 8. מאַכן אַן איניעקציע.
אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָנשטעל — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָנשטעלן. אַ שיינער אָ, פֿון אַנטיקן. אַ קונציקער אָ, פֿון זאַכן וואָס האָ□ן אַ קנאַפֿן ווערט. אָ, פֿון מאַשין. אָ'־וו י נ ק ל — אײַזערנער מכשיר מיט אַ ווינקל פֿון □90 צו קאָנטראָלירן צי די ווינקלען בײַם בויען עפֿעס זײַנען כּאמת גראָדע. אָ'־ש ט י פּ ט — געניצט בײַם אַרײַנשטעלן דאָס וואָס מע דאַרף אויסטאָקן אין געשטעל.

2. סימולאַציע. סימולירונג פֿאַרבלענדעניש.

.

פֿאַרפֿירעניש. דאָס אַרויסשטעלן פֿאַר אמתדיק
דאָס וואָס איז נאָר אַן אָפּדאָכטעניש. הינטישער,
פֿאַלשער, גנבֿישער אעּ אָ'. מ אַ כ ן אַן אָ, פֿון
אַ צדיק, אַ גבֿיר, אַ בעל־תּשובֿה, אַ קענער
אאַזוו. מאַכן אַן אָ, אַז עס אַרט ניט, אַז מען
איז אַ ביסל צופֿרידן (מען איז אומגליקלעך,
מע האָט אַלץ פֿאַרלאָרן). ניט (פֿאַר)לײַדן קיין
אָ,. קונץ וואָס מאַכט דעם אָ, פֿון קונסט. פּראָזע
מיט אַן אָ, פֿון פּאָעזיע. אַן אָ, פֿון
זעלבשטענדיקייט, דערוואַקסנקייט, געבילדעטקייט אאַזוו.
„ער קאָן עס מאַכן דעם אָ'!“. מאַכן אַן אָ,
ווי עפּעס רעכטס, ווי אַ גאַנצער מענטש, אַ
גאַנצער קנאַקער, ווי ער וואָלט געווען אַ גאַנצער
אַ־טעבע־דאַם, אַ גאַנצער מר־בר־רבֿ אַשי.

"והרי זה דומה לדבֿר שאינו אמיתּי מצד
עצמו, אלא שהועמד לעין הרואה כּאילו אמיתּי
(הנקרא אָ,)“, הרבֿ ר, דובער, כּ"י פֿון אַן ערך
1820. „איך בין געווען... אין כּמה מדינות;
מע ווייסט גאָרנישט וואָס עס איז רביים, וואָס
עס איז אָ'ן“, ריב"ל, די הפֿקר וועלט. "ס'איז
אָבער שווינדל. גוטער־ברודער, לויטער שווינדל!

מע פֿאַרשטייט נישקשה אַזעלכע אָ□ן“, ממוס□
דאָס קליינע מענשעלע פֿיל זענען

געצוואונ

-

,, .

געגן צו מאַכן אַן אָ, אַז מע געפֿינט זיך אין
דער גרעסטער נויט“, ספּ סודות. ,,איז עס
געווען די גרויסע קונסט פֿון אָ, אָדער א
גרויסער אָ, פֿון קונסט?“, שנ, קריטיק און
קריטיקער.

3. נאָכמאַכערײַ. קונץ, טריק, שפּיצל,
קונדייסערײַ. אַ פֿריילעכער יונג מיט כלערליי
אָ'ן. מאַכן אָ'ן, קרעכצן, זיפֿצן, קרימען זיך.
אַלערליי אָ'ן און טעאַטער־שטיק. ,,היו
עושׂים בדרך צחוק אָן שטעלין מכל הדבֿרים
הללו“, נחבֿ, 'מעשׂה במלך וחכם'. ,,איך וועל
אים אַן אָ, מאַכן וואָס די גאַנצע שטאָט... זאָל
אויס אים לאַכן“, טויזענד אונד איין טאָג,
וואַרשע 1839. “איר מוזט מיר דערציילן אײַער
אָ', טאָמער וועט מיר עפּעס צוניץ קומען“,
יא, ערשטער יודישער רעקרוט. ,,קונדייסים
זײַנען געווען... וואָס פֿלעגן זיך שטאַרק

נאַריש מאַכן... און אויסטראַכטן וואוילע
אַ'ן", ממוס, קליאַטשע. „חוצדעם האָט ער [דער
בדחן] געקאָנט מאַכן אַלערליי מינים אָ'ן, קרייען
וו אַ יונגיטשקער הענדעלע,... קוואַקען ווי
י
א פּראָש, האָלדערן וו אַן אינדיק", ג. ח.
לעוו—   י
נער, דער שטומער טאַטע, ווילנע 1898.

אָנשטעלן

אָ'־מ אַ כ ע ר — „קאָמעדיאַנסן זײַט איר,
פּאָקוסניקעס, אָ מאַכער", ממוס, ווינטשפּ.
'

אָנשטעלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנשטעלן. אָ, פֿון אַ סך זאַכן.
אָ, פֿון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. 2. שטעל.
מעמד. פּאָסטן. "ווערט איר זין [= זען] בני
איין אַן שטלינג העלן, דז ער בײַא דען דײַנגן
בלײַבן קאָן", פּראָגב 19. "פּונקט ווי זײַן

שוואָגער..., באַקומט ער אַן אָ, בײַ דער קהילה
אַלס קהילה־דאָקטער", דר, י. שיפּער, טאָז,
וואַרשע 8 192, No־9.
3. פּלאַן. באַמיאונג. ציל. הכנות. ,,מאָרגן

-

מוז ער פֿיש ברענגן... מאַכט ער גרוטן אַן
שטעלונג. זיא פֿילן דען גאַנצן טאָג אונד
ריכטן ניקשׂ אויז,,, איין שייני וואונדרליכי
היסטאָריע פֿון איין ישערס זאָהן, זולצבאַך,
יאָר? "דער (רשע מלכות יון) זײַני גנצי א,
גוועזן דיזע הייליג פֿאָלק (ישׂראל) זײַן תּורה
זאָל פֿר געסן אונ פֿר לאָזן", תּחנות ובקשות,
1787, אָרט? ,,אַזוי האָבן זיי אַן אָ, גימאַכט ווי
זיא אין צו פֿראַנקפֿורט וועל ן אום זײַן געלט
ברענגען,,, איין שין מעע)ה, דאז מעשׂה האָבן
צוויי ווײַבר אין דר דרוק גיבראַכט. בילה בת
הגאון מוה"ר בער ממשפּחת הורוויץ, אשת
ר, יוסי חזן, מגורש מווין, ומרת רחל בת האלוף
נתן רויזניץ [פּראָג 1700]. "[ער] האָט זיי
ערציילט פֿון א, ביז ת'. אַלע האָבן זיך
פֿאַרוואונדערט אויף זײַן אָ'", ט. קאַמינסקי, אַ

בִּיאָגראַפֿיע פֿון אַ ימtראל קלען, קִיעוו 1913.
אָנשטעלט? — דער? ־ן. דזוו אָנשטעלונג,
בּ3. ,,איך האָבּ אַלע אָ, געמאַכט דיך לוסטיק
צו מאַכן‘‘, איין שיינה היסטאָריע פֿון איין
קיניג אויע) דעם לאַנד פערסיען, אָרט? יאָר?
אָנשטעלן — טרוו. שטעל אָן, ~געשטעלט.
1. שטעלן אַ סך זאַכן אויף איין אָרט. אָ, צו
פֿיל מעבּל אין הויז. אָ, זילבּערוואַרג אין
קרעדענץ. “אַלע איבּעריקע זאַכן וואָס דו האָסט
ניט געזשאַלעוועט אָנצושטעלן אַזוי געדיכט
אין אונדזער קליינעם צימער,,, משה טײַטש,
אַרום דער ▯אבּריק מינסק l929. “אַ סך כּיבּוד
אָנגעשטעלט... קלאָשן, האָניק־קיכלעך,
אײַנגעמאַכטסן כּלערליי, ווישניקעס“, ייִז, יאָשע
קאלבּ “האָט ער פֿאַר אײַער גלוסטן רײַכע
טישן אָנגעשטעלט“, מל, ,אויפֿן חורבּן
האַמבּורג'.
אויך אין פֿאַרשיידענע ערטער, אויפֿבּויען,
אויפֿשטעלן. אָ, הײַזער אין פֿאָרשיידענע געגנטן.
אָ, שטעקענעס פֿאַר די יונגע געוויקסן.
2. צוגרייטן אַ שפּײַז (א▯ן שטעלן אויפֿן
סײַער). אָנגיסן, אָנשיטן און אַוועקשטעלן, מע
זאָל שפּעטער קענען געניסן. אָ, עסן. אָ,
וועטשערע. אָ, קליסקעלעך און בּעבּעלעך. אָ,

בּוריקע(ס)־בּאָרשט. אָ, יאַגדעס־סאָק. אָ, (פֿעסלעך)
קרויט. אָ, לאַדישקעס זויערמילך. אָ, בּלויע
אַגדעס, טאָמער וועט מען עס דאַרפֿן פֿאַר
י
אַ שלשול. אָ, ראָזשינקע(ס)־ווײַן. ”שעמט זיך
פֿר דיא לײַט זײַן סעודה מיט גרינגרה און
קאָסטן [= אומקאָסטן] אַן צו שטעלין,,, '
פֿראָגער תּקנות קעגן לוקסוס', תקכ“ז [ייִבֿל I]. ,,אַ

אָנשטעלן

גלעזל גוטן ווישניאַק, וועלכן דער פֿעטער אָליין
האָט ליבּ אָנצושטעלן,,, אַש. ,,אויפֿן ווינטער
האָט מען אײַנגעזײַערט אוגערקעס און
אָנגעשטעלט פֿעסער מיט פֿלוימען,,, י. קייטעלמאַן,
פֿאָר, 21 III 1965.
אָ, דעם ס אַ מ אָ וו אַ ר — אָנגיסן וואַסער,
אַרײַנשיסן קוילן, אונטערצינדן פֿונאַנדערבּלאָזן.
,
3. אָנסטראָיען אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.
ספּעצ אָנציִען סטרונעס, דער טאָן זאָל זײַן
דער געוואונטשענער. אָ, אַ טאָן. אָ, אין
אוניסאָן. אָ, די אינסטרומענטן. ,,בּײַם עק פֿון
אַ לאַנגן דעמבּענעם טיש זיצט אַ חבֿרה

קלעזמער און סטראָיען, שטעלן אָן זייערע כּלים", ממוס, מסעות. ,,מע שמירט די סמיטשיקעס, מע שטעלט אָן די כּלים", שע, סטעמפּעניו. *אָ, די כּ ל י = אויך: זיך צוגרייטן צום זינגען.

אָ, דעם ה אַ ל ד ז = זיך מאַכן גרייט צום זינגען (אויך שפּאַסיק — צו כליאָבען, זשליאָקען אַ סך).

4. אָנגרייטן, אָנציִען, פֿאַרריכטן, רעגולירן, אײַנשליסן אע כּדי אַ מכשיר, אַ מאַשין זאָל ריכטיק אַרבעטן, זאָל פֿונקציאָנירן. אָ, דעם מאָטאָר. אָ, די דרוקמאַשין. אָ, דעם שנײַדאַפּאַראַט. אָ, דעם ראַדיאָ, דעם טעלעוויזאָר. אָ, דעם וועקזייגער. ,,דער רעדלער שטעלט אָן דאָס אײַזערנע רעדל, ער קוקט צי האָט זי ניט קיין פּגימה, די מצות זאָלן זיך ניט רײַסן,,, אַר, 'אַ פּסחדיקער טאַטע..

*אָ, אַ ז ייִ ג ע ר — ער זאָל אָנהייבן גיין, ער זאָל ריכטיק גיין. "לאָמיר אָ, דעם זייגער, מע דאַרף הײַנט אָפּהיטן די שקיעה", י"ז בןאריה, אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, ווילנע 1894.

אָ, אַ ח ל ף — זען עס זאָל ניט זײַן קי ן פּגימהלע, אָנשאַרפֿן אויב נייטיק. ,,מע דאַרף זײַן הונדערט יאָר שוחט מע זאָל אַזוי אָ, אַ חלף", פּרץ, בילדער און סקיצן. אָ, די

בּ י ק ס — זיך צילן אין עמעצן מיט דער בּיקס. „אַ בּיקס איז אַ היציקער אינסטרומענט. דו שטעל זי נאָר אָן, שיסט זי שוין אַליין“, שטערנ, מינסק 3 1938, No. אויך: אָ, דעם צ י ל. מע קען אויך אָ, דאָס ל י כ ט — עס זאָל פֿאַלן אויף דעם בּאַגערסן אָרט. אָ, אַ טערמאָמעטער — אַראָפּטרייסלען קוועקזילבּער, אַרונטערלייגן אונטער אַ פֿאַכווע, אין מויל אאַ. אָ, די זעגלען — ז אַרויפֿציִען און אויס י

דרייען אין דער ריכטונג קעגן ווינט. „דער ייִד... דאַרף דעריבּער אָ, די לײַוונטן פֿון זײַן נאַציאָנאַלן אָקרענט“, זשיט X, נ“י 1919.

5. אַרויסשטעלן, אַזוי ווי אָנגרייטן אַן אבֿר פֿון גוף פֿאַר זײַן פֿונקציאָנירן. אָ, די א ו י ג ן, אַ פֿאָר אויגן, די עיניים, די קוקערס, אַ פּאָר גאַלעס — גוט בּאַקוקן, שטרענג אָדער לאַנג אָנקוקן. „ר, ישׂראל שטעלט ווידער אָן בּיידע אויגן אויפֿן יונגנמאַן“, ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'. „שטעלט ער אָן אויף מיר אַ פּאָר עיניים און מאַכט צו מיר אַזוי“, שע, טביה אויך: אָ, דעם בּ ל י ק. „אָנגעשטעלט דעם בּליק אויף איר בּוזעם„, בּאַש פֿאָר, 1966 23 XII.

אָ, די א ו י ע ר ן , אָ, דעם (דאָם) אויער, אַ

1665

פאָר אויערן — אָנגעשטרענגט, מיט אינטערעס
זיך צוהערן. „דער עולם האָט זיך אַרומגעזעצט
אַרום דעם אורח,... אָנגעשטעלט די אויעון
און זיך אײַנגעהערט צו יעדן וואָרט“, אָפּאַ, ,אין
וואַלד'. „,... ציטערט אויף... ווען ער
דערהערט די תקיעה און שטעלט אָן די אויערן, צי
דאָס איז נישט אַמאָל שופָר של משיח„, באַש,
)טן אין גאָרטן. *אָ, מ ו י ל און אויערן, אָ,
נ אָ ז און אויערן — זײַן שטאַרק פאַרחידושט.
אָ, די ה אַ נ ט , אַ האַנט, די הענט —
אויסשטרעקן אַ האַנט נאָך אַ נדבה. „ווער עס שטעלט
אָן די האַנט — גיב אים אין האַנט“, שוו. „דער
וואָס גייט מיט אַ פּושקע איבער די הײַזער
האַלט זיך פיל געהויבענער פאַר דעם וואָס
שטעלט אָן אַ הוילע האַנט„, אמד, עוזר צינקעס
און די ציג, ווילנע 1868.
אָ, די ה ע ר נ ע ר = וועגן אַ בהמה וואָס
איז גרייט צו שטעכן. „אַז דער באָק שטינקט,
שטעלט ער אויך אָן די הערנער„.
אָ, די ל י פּ ן , די ליפּעלעך =ד זיך גרייטן

צו ווײנען. אָ, דעם פּ י ס ק = דזוו אָ, די ליפּן.
אויך: אָנהײבּן טענהן, זידלען. „האָט זי זיך
בּאַליידיקט או□ אָנגעשטעלט די ליפּעלעך ווי
צום ווײנען“, אר, 'די פֿרוי וואָס אַרבּעט'.
אָ, די פֿ י ס = זיך גרייטן צום אַנטלויפֿן. *אָ,
אַ קופֿערנעם ש ט ע ר ן = אַרויסוויַיזן חוצפּה,
אומפֿאַרשעמטקייט. אָ, דעם ר ו ק ן = זיך
גרייטן אַרײַנצוקריגן קלעפּ. „מיַין רוקן האָבּ
איך אָנגעשטעלט פֿאַר די שלעגער„, פּלאי,
המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ„ב. אויך:
אויסדרייען זיך מיטן רוקן. *אָ, די ק אַ ל ע ק אָ ט ־
ק ע = טומלען, שרײַע□, גוואַלדעווען. *אָ, די
בּ אַ ק = זיך אונטערגעבּן. זײַן גרייט צו קריגן
אַ פּאַטש. אָ, דעם האָנער = זיך אָנבּלאָזן

פֿאַר□ .
איבּל האָבּן. *אָ, דעם בּ ו י ך = זיך מאַכן
וויכטיק.
6. מאַכן אַ מינע (צו פֿאַרשטעלן עפּעס). אָ,
אַ פֿריילעך פּנים (אַ פֿריילעכע מינע) צו (בּײַ)
אַ בּייזער שפּיל. אָ אַ פּנים פֿון אַ תּם פֿון

אַ שאינו־יודע־לשאל. אָ אַ תּמעוואַטע מינע.

*אָ, אַ קאַלטע צ ו ר ה = זיך מאַכן ניט־
וויסנדיק; אַרויסווײַזן גלײַכגילטיקייט. „האָבּן
אָנגעשטעלט ז ו י ע ר ע מינעס, נאָר דער
ראָשהקהל האָט זיי אײַנגעשטילט„, ייִפָאָל, 1887,
No 34. „דער בּעטלער שטעלט אָן זײַן
וויינענדיק פּנים, שטרעקט אויס די האַנט מיטן היטל„,
אַר, 'דער סטאַטיסטיק'. „ווען אַ מענטש שטעלט
אָן אַ פּנים וואָס איז נישט קיין פָּנים, איז גלײַך
ווי ער וואָלט געדינט דער עבֿודה־זרה„, מ.
אונגער, טמז, 7 8□19 I, ציט עמוד האמת.
7. אָננעמען אויף אַ שטעל. געבּן אַרבּעט.
איבּערגעבּן דורכצופֿירן אַ פֿונקציע,
איבּערגעבּן אַ שליחות פֿאַר געצאָלט. אָ, מענטשן. אָ,
נאָך אַ מענטשן. אָ אַ שמשׂ פֿאַרן בּית־מדרש.

אָ אַ נײַעם בּוכהאַלטער. אָ אַ פּאָר מיידלעך

אין קראָם. אָ, אַ שלעגער. אָ, שפּיאָנען,
מוסרים. אָ אַ גוטן אַדוואָקאַט. אָ אַ הויזלערער

פֿאַר די קינדער. „דיא איך גיהערט הט מעלדין
ווי מן אויף טײַטש זי אַן שטעלין, זײַן זי גוועזן
גאַר וויניג און קליין“, יענטע בּת יצחק, ע□)רת

אָנשטעלז זיך

הדבּרות בּיכל, אָנהייב 19. י,,ה. ״זי ליבּט אים.
זי האָט אַליין דעם שדכן אָנגעשטעלט״,
אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895. ״האָט שוין
קלמן סענדערס אָנגעשטעלט די בּאַהעלפּערס
אַז זיי זאָלן מיך נעמען צום סמיק,,, זאבֿ הלוי,
דער רבּי קלמן סענדערס, בּאַרדיטשעוו 1906.

8. אײַנריידן, אונטערהעצן עמעצן קעגן ע
עצן, זן לטובֿת עמעצן. אָפּמאַכן צו טאָן
שלעכטס. אונטערשיקן, אונטערשטעלן. אָ, אויף
ייִדן די שוואַרצע מאה. אָ, אויף דעם
אומשולדיק פֿאַלשע עדות. אָ, בּוּיאַנעס זיי זאָלן
אים שלאָגן. אָ, היצעלס אויף די
דעמאָנסטראַנטן. אָ, דעם וואָכערניק ער זאָל אײַנגעבּן
אויף אים די וועקסלען. ,,אַ קאָלייקע וואוילע
יונגען האָט אָנגעשטעלט כּדי מע זאָל מיך טאָן
פֿאַרפֿירן״, גנבֿים־ליד. ,,די מורדים דיא הטן אַן
גישטעלט דעם שטאַט פֿאָלק צו ווערן [=
פֿאַרווערן] קיין יודן אײַן צו נעמן אין אירי
גיצעלט״, ווינץ. ,,האָט ער בּעצה רעה שלו אַן
גישטעלט מיט דיא רועי חזירים זיא העטין
מלבּושים מהתּינוק דר בּײַא גיפֿונדן,,, ,כּ״י
וועגן מעצער עלילת..דם', 1669 [פּש III]. ,,דאָ

קוקט מען דאָך אַרויס אויף זייער בלוט, מע שטעלט אָן אויף זייער לעבן,,, מס, משלי תקע"ד, א, 18. ,,אַבי מע זאָל אויף אים [דעם מוֹכיח] נישט אָ, עפּעס אַ מוּפקרת אָדער אַ קרימינאַל, גאָט ווייס וואָס,,, ריבּ"ל, די הפּקר וועלט, וואַרשע תּרס"ב. ,,האָט זי אָנגעשטעלט... אַז זי זאָל זיך דאָ אַרײַנמישן אײַנצופלאַנצן ליבּע בײַ דעם פּרינץ אץ האַרצן", אַ קינד אין וואַלד, לעמבּערג 1891.

9. אַרכ. אײַנאָרדענען. אײַנשטעלן. אונטערנעמען. אָרגאַניזירן. ,,גאַר איין פּרומיר ערליכיר מענש גיוועזין אונ, מיר העטין גרושׂין מו"מ [= משׂא ומתּן] קענין מיט אים אַן שטעלין", גה, 78. ,,ער [הקבּ,,ה] האָט אַלז בּחכמה און גשטעלט וויא ער די וועלט פּירן זאָל", קה, פּיורדא 1743, כ/א. "ווערט ער וויניג צער האבּן... ווען ער עשׂ איין האַנדלשאַפּט אַן שטעלט", חה, אַמשט 1716, ע/א. ,,ער [ראָמולוס] שטעלט אַן איין פֿײַאר טאָג [פֿאַרן שטערן צדק פֿאַר 'יובּיס'] אַלי דאנערשטאג",

,

יוסיפּון, אַמשט 1743, ד. ,,קלוג האָט עשׂ ר, סענדר אַן גישטעלט, ער האָט קיין שבוי גלאזן בײַא זײַן גצעלט,,, אַהרן בּר, יוסף, איין

שין נײַא ליד פֿון אובן, פּראָג תּמ"ח [.] M(
.[l937 ,2
1O. אַרכ. בּאַשטימען. אַוועקשטעלן. "ווער וויל מיט מיר איין צײַט אַן שטעלן צום שטרײַט,,, שעריר, מט, 19. ,,דוד המלך הוט גשריבּן דז ער זול אוריה החתּי פֿארנן אַן שטעלן אין דר מלחמה,,, בּראַנט, פּרק מח.
11. אַרכ. אַרײַנשטעלן אין אַ טעקסט. "... איין היידישער פֿאַבּיל... איך האבּ עשׂ דרום היר אַן גישטעלט דיא צײַט מיר צו פֿאַר קירטצין", גה, 21. ,,מאַן שון פֿיל אַן גישטעלט אַן פֿילין בּלאַטצין [= פֿלעצער]...,,, דאָרטן, 2.
אָנשטעלן זיך —→ דפֿוו. 1. מאַכן אַן אָנשטעל. אָ, זיך פֿאַר אַ נגיד פֿאַר אַן עפֿ,

אָנשטעלער

האָרץ אאַזוו. ,,זיך אָנגעשטעלט גלײַך ווי ער וואָלט געגלייבּט". אָ, זיך און מיטגיין מיטן שטראָם. "זיך אַן גשטעלט אַלשׂ ער ווער בּעל הבּית,,, גה, 34. ,,איין פֿאַלשר דר זיך פֿר

דיא לײַט פֿרום אַן שטעלט אונ, היימליך טוט
ער ביז,,, חה, אַמשט l716, צבֿ/א. ,,שמואל
זאָגט: עשׂ איז דער אייגנשׂטר מלך גיוועזן
... אונ, ער האָט זיך אין גישטעלט אַלשׂ ווען
ער יוסף ניט גיקענט העט,,, מהמ, אַמשט l722.
,,קומט [אַ קרובֿ] אַן עני, זאָגט ער: דו ביסט
מײַן קרובֿ ניט און שטעלט זיך אָן גלײַך ער
אַל זײַן טאָג אים ניקס געהערט אָדער געזען“,
ר, אבֿרהס עפּשטיין, ברך אַבֿרהם, לאַשטשעוו
1817. ,,ניט איטלעכער וואָס שטעלט זיך אָן
פֿרום און נעמט קוויטלעך איז אַ צדיק“, ספֿר
הנהגות טובֿות, וואַרשע תּרנ“כ.

2. זיך אַרומשטעלן. זיך אָ, אַרום די
קונצנמאַכערס. ,,מענטשן... שטעלן זיך אָן אַרום
דעם שײַטער,,, אי. קיפּנים איבֿז, אָסטאַפּ
ווישנ אַ, שמייכלען, כאַרקאָוו l929.
,

3. אויפֿשטעלן זיך (קעגן עפּעס, קעגן
עמעצן). זיך קעגנשטעלן. ,,קינדער שטעלן זיך אָן
קעגן עלטערן,,. אָ, זיך קעגן דעם רעזשים.
אָ, זיך וו אַן אָקס. ,,דאָס אויפֿגערעגטע קינד
,
האָט זיך אָנגעשטעלט קעגן דיר,,, אַקש, קינדער
פֿון איין ▯אָלק, מאָסקווע 1928. “שטעלן זיך

אים אָן פֿאַר אימה האָר און נעגל", י. יאָפֿע, אין קעסל גרובֿ, מאָסקווע 1929 [נר. דאַרף זײַן: שטעלן זיך אויף]. 4. אַזוי ווי פֿון זיך. ← אָנשטעלן, בּ□. „אויערן שטעלן זיך אָן צו הערן דעם רעדנער„. „אַ גרויסע, ענדלאָזע בּלויע אויג האָט זיך אָנגעשטעלט אויף מיר„, סעג, מײַנע זיבּן יאָר אין תּל־אָבי□ ־עכץ. ־עניש.

אָנשטעל□ער — דער, ־ס. וונ ־ערין, ־ערקע, ־ס. ווער עס מאַכט אַן אָנשטעל. ווער עס שטעלט אָן (בּבֿ 1 — 8), שטעלט זיך אָן. אַן אָ„ אַ בּאַרימער. אַן אַ„ אַ קונצנמאַכער. אַן אָ, אַ קאַטאָוועס־טרײַבּער. אַן אָ, פֿון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. "נו געװג, דו אָ', חן־מאַכער. האָרך בּעסער„, ממוס, פּריזיוו. "דו האָסט אים געגלייבּט... דעם אויסנוצער, דעם פּוסט□ אָ'?", חג, צמח אַטלאַס I. „ציל אָ, —

אָנצילער. אָ, האָט אַ שאַרפֿן בּײַבּאַטײַט. איז דעריבּער פּאַסיקער אָנצילער... (ס'גייט טאַקע אין אָנצילן, אָנצילן זיך)", ע. ספּיוואַק, די שפּראַך אינ די טעג פֿונ דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, ק□עוו 1946. ־ערײַ — "די אָ, פֿון מענטשן

וואָס האַנדלען מיט ווערטער", נאַד.
אָנשטעלעריש — אַדי. וואָס איז אַזוי ווי
אַן אָנשטעל, ניט עכט. עס קלינגט פֿאַלש, אָ'.
אַן אָ'ע נייטראַליטעט. "וואַרשע זאָגט אָ':
,זיצט, פֿראָשע פּאַנאַ!, — און כאַפּט אַוועק
ס'בענקל", נאד טינט און פֿעדער, נ,,י 1936.
־קייט.
אָנשטעמפּלען — טרוו. ־פּל אָן, ~
געשטעמפּלט. אַרויפֿלייגן אַ שטעמפּל. אָ, די
קאָנווערטן. אָ, מיסן שטעמפּל פֿון דער פֿירמע.
יג. א, ווי א פֿאַררעטער ־ונג.

— —

אָנשטענדיק — אַדי אַדוו ant ־an־s :Mhd.

1 66

1. וואָס פֿירט זיך, וואָס איז אַזוי ווי עס דאַרף
זײַן לויט די אײַנגעשטעלטע נאָרמעס. אָ, ווי
די צען־געבאָט. אַן אָ'ע פֿרוי פֿון אַן אָ'ער א
משפּחה. ,,ער איז אָ'... בצדק" [= ביז צו .
דער קעשענע]. ,,מע מוז געלט פֿאַרלירן, ווען
מע וויל אָ, זיך פֿירן,,, שוו. ,,איז דאָס רעכט
פֿון אַן אָ'ן מאַן?". ,,זיי זײַנען טאַטנס קינדער,

אָ'ע יונגעלײַט“, שע. „האָט אויפֿגעהערט אָ,
צו זײַן, צו פֿאָלגן טאַטע־מאַמע“, װײַס, 'דער
ארבּעט גוט געמאַכט; בּ) אַ געהיימע אָדער אָ
איבּערגאַנג'. אַן אָ, שטיקל אַרבּעט = א) אַן
.

-

סכּנותדיקע שליחות, פּינקטלעך דורכגעפֿירט.
2. װאָס איז ניט סותר אַן אײַנשטעל פֿון
צניעות. װאָס איז ניט אומאיידל. טראָגן אַן
אָ, קליידל. זיצן אין אַן אָ'ער פֿאָזע. ניצן
נאָר אָ'ע װערטער. “זייער שפּילן [פֿון די
פּורים־שפּילערס] איז ניט תּמיד אָ, געװען... אָ
מע האָט גערעדט ניבּול־פּה“, קמ, 6 1866, No.
„איך בּין יאָ אַן אָ'ער מענטש. די צרה מיט
מיר איז בּלויז װאָס איך װיל זיך ניט
אײַנהאַלטן“, נאַד. אָ, װי אַ יונג װאָס מאַמעװעט

[= ניצט כסדר דעם יוונישן מי־שבּרך].

3. וואָס עס פּאַסט. קאָרעקט. טאַקטיש. וואָס בּאַליידיקט ניט קיין שרם געפֿיל פֿון אונדז

„ .

יִדן וויל מען פּטור ווערן אויך אויף אַן אָ'ן אופֿן". „ווען הש"י גיבּט דײַן קנעכט איין א

 -

ריינין שפֿראַך און איין אום פֿר געסיג האַרץ, דא איז אים אַן שטנדיג צו ריידין", בּן המלך והנזיר, זשאָלקעוו 1771. "זיי זענען בּ אַ

,

קריסט אין שטובּ. זיי וועלן זײַן גוט אָ, און ניט רעדן וועגן גלויבּן", איין גאַנץ נײַע מעמtה ון איין גראַף..., לעמבּערג 1891. „היי, איר אָ'ע און בּאַשיידענע, אין היימלעכקייט פֿון צימערן פֿאַרשטיקטע", אַקש, מזרח און מערבֿ, מאָסקווע l940.

4. לײַטיש, בּעלי־בּתיש. וואָס איז ניט קעגן א

.

גוטן געשמאַק. וואוינען אין אַן אָ'ער דירה. געפֿינען אַן אָ'ן זאַל פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג. "ס'ערשטע איז געווען אַ גערעגלטער

גאָטעסדינסט אין אַן אָ'ן לאָקאַל", ארז, קמ, 8 18,

No 50 .‘‘אַ פּאַפֿרעצירטער גולאַש פֿון פֿופֿיקלעך, לעבּערלעך..., אַ יויך מיט אַן אָ, פֿערטל עוף‘‘, שע, בּלאָנדזענדע שטערן II. ‘‘... דז זיך דיזי וועלט [דער עולם השפֿל] מיט אירי בּזיצר דר נערן זאָלן מיט דשׂ איבּריגי וואשׂ צו זיא [די העכערע וועלטן] ניט אַן שטענדיג איז‘‘, בּע, טו/ג. אויך: געבּן אַן אָ'ע נדבֿה.

5. וואָס איז בּהסכּם מיטן יחוס, מיטן סאָציאַלן שטאַנד. טאָן אַן אָ'ן שידוך. „דיזי פֿארטייא [שידוך] ווער אַן שטענדיג גיוועזין, זוא העט ער... ניט מיגין צו רוק גין‘‘, גה, 159. „איך בּין אײַך אָ', לאָמיר טאָן למזל־טובֿ אַ שידוך‘‘, מסדר אגרת, תּקפ‘‘ה.

6. וואָס איז אָנגענומען. פֿירן אַן אָ'ע פּאָליטיק. „אין פּאָליטיק איז געוואָרן אָ, צוצוזאָגן און פֿאַרגעסן די צוזאָגן‘‘. ‘‘אין יודיש דײַטשע בּריפֿע איז אָ, לשון הקדש ווערטר אונד אויך גמרא ווערטר אײַן צו מושן„, „פֿון אָן אַלטן בּש, [יִישפּ ‎XX, 1].

־יקייט — „איר געזיכט... די אומשולד

אָנשטעקן

אוןָ אָ, אַליין„, דער מענשעגפֿר .נד, נ„י 1889,

.No 2

נשטעפּן — טרוו. שטעפּ אָן, ~געשטעפּט.

1. אָנניייען אָדער אַרומנייען (מיט אַ שטעפּמאַשין). אָ, דעם קאָלנער צו דער מאַרינאַרקע. „מאַך אַ זעקל... טו דאָס אַלץ אַרײַן עס זאָל גלײַך ליגן און שטעפּ אָן דאָס זעקל גאַנץ גוט“, ספֿר ר וואות [אין רוסלאַנד, אָנהייב 19. י"ה]. 2. שטעפּן אַ סך. אָ, זאַגאַטאָווקעס.

נשטעק — דער, ־ן. אַקט פֿ ן אָנשטעקן (זיך). דאָס וואָס שטעקט אָן, דאָס וואָס רופֿט אַרויס אַ קלעפּיקע קרענק. „בײַ קלעפּיקע שלאַפֿקייטן געפֿינט מען דעם אָ, אין חולה גופֿא„, ט. בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. אָ, פֿון שפּילקעלעך אין קישעלע.

נשטעקונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָנשטעקן (זיך). "אַנגינע קען מען באַקומען אויך פֿ ן אַ פֿאַרקילונג... אָבער דאָס רובֿ קומט ד אַנגינע פֿון אָ, מיט פֿאַרשיידענע באַקטעריעס“, צש פֿגעז, ווילנע 11 ,1923 .No „נאָך דער אינאָקולאַציע וועט דאָס פֿי ניט מורא האָבן פֿאַר קיין אָ'„, וואָס

דאַר□ וויסנ אַ פּאַסטעכ פֿונ אַ גרויסער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט, פּאָלטאַווע 1932.

נשטעקיק — אַדי. 1. אָנשטעקנדיק. וואָס האָט די טבֿע אָנצושטעקן און קראַנק מאַכן. אָ'ע קראַנקייטן. „מע זאָל ניט לייגן די הענט אונטער דעם אָרעם, ווײַל מיט די הענט באַרירט מען אָ'ע קעגנשטאַנדן. מע נעמט ניט קיין געלט אין מויל ווײַל פֿיל מאָל איז דאָ דערויף אָ'ע באַצילן", שמירת הנפֿש, ירושלים תּשי"ג. 2. וואָס מע נעמט גיך אָן, וואָס גיט זיך גרינג איבער. די אָ'ע מאָדע. אַ שיינער, אַן אָ'ער ניגון ־יקייט.

.

נשטעקן — טרוו. שטעק אָן, ~געשטעקט. 1. אַרויפֿשטעקן, אַרײַנשטעקן עפּעס מיט אַ שאַרפֿן שפּיץ. אָ, שפּילקעס אין קישעלע. אָ, טשוועקעס אויף אַ ברעט. „ווי די לײַט קלײַבן זיך דירות, זאָל מען אַ נאָדל בײַ דער שוועל אָ," טעיאַטאָר. 2. אָנשטעכן, אַרויפֿשטעכן. אָ, שטיקלעך פֿלייש אויף אַ שפּיזל און בראָטן. אָ, זײַטלעך פֿלייש אויף די גרויסע האָקנס. 3. אַרײַנשטעלן אין אַ פֿאַרטיפֿונג. אָ, סלופּעס אין די גריבער. אָ, וואַטע אין די שפֿאַרונעס. אָ, קוויטלעך צווישן די שטיינער פֿון

כּותלמערבֿי. "מע האָט אָנגעשטעקט אין די לײַכטער גרויסע ליכט", אמד, דער חזן, ווילנע 1874. "יעדער ייִד זאָל זיך בּאַפֿלײַסן אַליין... מכין זײַן לכּבֿוד שבּת... ליכט

אָנצושטעקן", ר, שמעון וואָלף מרגליות, ל שמעון,

.l9 3 ,Bu(ls en mibal on

4. אַרויפֿלייגן. אָנבּינדן, אָנזאָטלען. אָ אַ

,

מאַסקע אויפֿן פּנים. אָ אַ לאָרנעט. ,,שטעקט

,

אָן אדיף זײַן ציבּעלע־נאָז אַ פּאָר פֿאַרשימלטע

בּרילן", קמ 5 .5 1870 ,No. אָנטאָן

שטעקשיך. "אבּר אין איין הויף גין מג ער [דער

אָבֿל] די שוא וואָל אַן שטעקן,,, ש פֿראַנקפֿורט,

.

טפֿר החיים II, קיטן תּע,,ז. ,,האָט

אַרויפֿגעוואָר￼ן אויף זיך אַ געבלימלט קליידל, אָנגע￼

אָנשטעקנדיק

שטעקט אַ פּאָר שטעקשיך,,, אָפּאַ, 'אַ הענדל,.
,,באַלד אינדערפֿרי האָט זי אָנגעשטעקט די
ווייכע שטעקלעטשלעך אויף די נאַקעטע פֿיס,,,
ב. דעמבלין, צוויי און אַ דריטער.
6. אַרכ. אָנצינדן. אונטערצינדן. מלל
פֿאַרטײַטשט 'אציתנה יחד, (ישעיה, מ, 4): ,,אַן
שטעקין,, [תּי: ,,איך וואָלט עס פֿאַרברענט,,].
7. אוטוו. אָנקומען, דערגרייכן צו אַ ווײַטן
פּונקט. ,,גיי... און שטעק אָן אויף דער
עלטער כ'וויס וואו,,, ה. דאָבין, צווישנ
אַזאָווער אונ שוואַרצנ, מאָסקווע 1934. ,,ער האָט
אָנגעשטעקט קיין אונגערן,,, צײַט, טמז, 1965
.II 19
8. גורם זײַן אַ קראַנקייט, אַרויסגערופֿן
פֿון באַצילן, ווירוסן. איבערגעבן אַ קלעפּיקע
קרענק. אָ, מ י ט פֿאָקן, דיפֿטעריט אאַזוו. ,,מע
קאָן זי... ניט לאָזן צווישן אַנדערע פֿערד,
זי וועט זיי נאָך זיכער אָ',,, ממוס, קליאַטשע.
פֿאַרשפּאָרן אָנצושטעקן ווי אַ פּאַרשיווע
אויס,,

שלאָג אַנדערע מענטשן,,, קמ, 19 1870, No.
"גערואָלט איינפּ רן מציצה מיט אַ מאַשינקע. .
אַבּי מע זאָל נישט אָ, די קינדער דורך
פאַרשטונקענע מיילער מיט פוילע ציין,,, פּרץ,
געדאַנקען און אידייען. ,,און האָסטו, מענטש,
פאַרלוירן דיין נשמה־גליק — וואָס שטעקסטו
אָן אויך פעלדזן און לבֿנות?", צייט, מטטרון
9. איבערגעבן, אַזוי ווי אַ קלעפּיקע קרענק,
אַ פיר, אַ שטימונג, אַן איינשטעל, אַן אידיי(ע).
געלעכטער שטעקט אָן. ,,גראָבקייט שטעקט
גיכער אָן ווי איידלקייט". אָ, מיט פרייד, מיס
יוגנטלעכקייט, מיט לעבנסלוסט אע. אָ, מיט
מרה־שח רה, מיט זאָרג אע. ,,האָט ער
אָנגעשטעקט מיט זיין פרומקייט אויך דעם
פאַכטער,,, אַש, תהילים־ייִד. "פאַרזוכט האָסטו
ריכטיק די אימה — און ס'פערדל מיט דעם
אָנגעשטעקט", הל, 'דער ווייסער ניגון,. ,,צי
האָבן מיך אָנגעשטעקט די רייד פון מיין
פריינד?", בעמ . ,,דער דיכטער שטעקט אונדז
אָן מיט זיין וויזיע,,, שנ, שלוס אַש. ,,זיי [די
פליטים] האָבן מיך אָנגעשטעקט מיט זייער
לעבנסדורשט,,, סעג, געברענטע טריט. *אָ, דעם
נ אַ ר — אַליין ווערן נאַריש. *אָ, די ל ו נ ג =

---.

זיך רייצן מיט עמעצן, דערגיין די גאַל.

מיט ז י ך — ״נאָר דאָס וואָלט איר געפֿעלט

אַז די קינדער זאָלן זיך אָ, מיט דער מיאוסער

צרעת,,, לייבֿ ראַשקין, די מענטשן פֿון

גאָדלבאָזשיץ ,,מיר זײַנען געוואוינט געוואָרן אין

קאַצאַפּנלאַנד וואו איין ייִד זוכט צו בײַסן דעם

צווייטן. האָבן זיך די זיסע מידות אויך אָן

אונדז אָנ עשטעקט,,, דער לאַנד חכם, נ,,י 1894.

,,ווי איך זע, האָסטו זיך שוין אַליין

אָנגעשטעקט פֿון די אַחדותניקעס. היט זיך פֿאַרן

מענטשן,,, אַבֿרהם פּנחם אונגער, מײַן היי ר.

שטעטל סטייקאָוו, נ,,י 1957.

־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

־ערײַ.

אָנשטעקנדיק — גער נדיוו, אַדי.

אָנשטעקיק, קלעפּיק. אָ'ע קראַנקייטן. גענעצן און

הוסטן איז אָ'. ,,ווײנען און לאַכן זײַנען בײַ

דעם עולם אָנשטעקנד [נר]„, אמד, די נאַכט פֿון
טו כסלו, ווילנע 1867. ־יקייט.
אָנשטעקעוודיק — אַדי. וואָס האָט אַ טבֿע
אָנצושטעקן. אָ'ע קראַנקייטן. מיט אַן אָ'ן
בֿרען. ־יקייט — „ווען עס טרעטן אַרויס
די בּאַקאַנטע צייכנס..., איז שוין דעמאָלט
די אָ, אַ קלענערע„, פֿגעז, פּאַריז 1949,
No ▯־7.
אָנשטערכען — טרוו. ־כע אָן, ~
געשטערכעט. 1. אָנשטויסן מיט עפּעס וואָס איז
שאַרף. אָ, מיט הערנער. 2. שלעכט
אויסשטעכן.
אָ'נשטערנדיק — אַדי. וואָס איז אָן
שטערן. אַן אָ'ער הימל. „פֿאַלן זיי געקניטע
און זיי ווערן אין אָ'ער פֿינצטערניש
פֿאַרפֿאַלן“, בּראָד, איבּערגאַנג ־יקייט.
—
.
אָנשטראַל — דער, ־ן. אַקט פֿון אָנשטראַלז.
אָ, פֿון אַ בּינטל ליכט.
אָנשטדאַלן — אוטוו & טרוו. שטראַל אָן,
~געשטראַלט. 1. אָנקומען אין פֿאָרעם פֿון
שטראַלן. „די אונטערגייענדיקע זון שטראַלט
אָן די שפּיצן פֿון די דעכער„. „עס שטראַלן
אָן אויף אונדז שטראַלן פֿון אונטערגעגאַנגענע

וועלטן,,. אָ, מיט פֿרייד. 2. דזוו באַשטראַלן.
־ונג. ־ער — מכשיר.
אָנשטראָם — דער, ־ען. אַקט פֿון
אָנשטראָמען. ,,אַנטוישט און פֿאַרמאַטערט דורכן
אימפּעטפֿולן אָ, פֿון ענערגיע, איז הערש־לייב
צוריקגעפֿאַלן אויפֿן היי,,, יאָסל צוקער, שריפֿטן,
ת״אָ 1963. ״אַן אָ, פֿון געפֿילן, טראַכטענישן,
באַגערן, בענקשאַפֿטן,,, לע, טמז, 1 1964 III.
אָנשטראָמען — אוטוו. שטראָם אָן, ~
געשטראָמט. 1. (וועגן וואַסער, פֿליסיקייט בכלל)
אָנקומען שטראָמענדיק פֿלייצנדיק. דאָס

גע
-

,
וויסער שטראַמט אָן. נאַפֿט שטראַמט אָן.
2. אָנקומען אַזוי ווי מיט אַ שטראָם. פּליטים
שטראָמען אָן. אַ המון שטראָמט אָן.
3. אַרײַנדרינגען (אין געמיט) מיט אַ כּוח פֿון
אַ שטראָם. ,,נײַע שטימונגען שטראָמען אָן,,.
״כּוחות שטראָמען אָן אין דיר,,, רובֿ, ,אויפֿן
וועג קיין פוילן,. —ונג.
אָ'נשטראָפּיק — אַדי. נעאָל. וואָס איז אָן
אַ שטראָף. אָ'ע פֿאַרברעכנס ־יקייט.

.

-

אָנשטראַסירן — טרוו. ־פֿיר אָן, ~(גע)־
שטראַפֿירט. 1. אַרויפֿלייגן פֿאַרשיידענע
שטראָפֿן. 2. שטראַפֿירן מיט אַ גרעסערער
סומע. ־ונג.

-

אָנשטראָסן — טרוו. שטראָף אָן, ~געשטראָפֿט.
שטאַרק שטראָפֿן אָדער באַשטראָפֿן. שטראָפֿן
אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. אָ, מיט מוסר־רייד
און מיט שטעלן אין ווינקל. אָ, אי מיט תּפֿיסה
אי מיט קנס. „זי האָט ניט געזשאַלעוועט
אַזעלכע מענטשן גוט אָנצושטראָפֿן„, א. י.
סאַפֿיר, חטאת הקהל... I, ווילנע 1881.
־ונג. ־ער (־ין, ־קע)

אָנשטרײַכלען — טרוו. ־כל אָן, י.,
געשטרײַכלט. אָנצייכענען שטריכלעך. אָ, אַ

דיִאַגראַם. אָ, צייכנס אויף די גליונות ־ונג.

·

אָנשטרענ⃞ ען

אָנשטרייכן
— טרוו. שטרײַו אָן
1 ⃞ מאַכן
-
, ⃞ ;
געשטרײַכט, ~געשטראָכן, ~געשטריכן.
אַ צאָל שטריכן. אָ אַ סכעמע. אָ אַ פּלאַן פֿון
,
אַ בנין. 2. אָנרירן. „די (חכמי הקבלה)
שרײַבן דאשׂ מן זאָל דיא (ציצית) אַן שטרײַכן
אַן די אויגן, ווען מען זיא קוסט„, עפּש, סידור
תּפֿילות, אַמשט תק„ח, ח/ג. 3. אָנפּאַרבן,
אָנמאָלן. דטשמ, נר. „דער סוחר, בשעת ער
עפֿנט די קלייט, לאָזט ער מיט איילפֿאַרב אָ'„,
קמ, 1868, No l2. —ונג. ־עניש. ־ער.
־ערײַ — „אָ, פֿון גאַנצע הײַזער„, קמ, 1868,
No 23, מודעה.

אָנשטרייסן — טרוו. שטרײַף אָן, ~
געשטרײַפֿט. אָנמאַכן פֿאַסן, שטרײַפֿן. אָ, לײַוונט, עס זאָל ווערן אַ פֿאָן. אָ, קאָלירטע פֿאַסן.
אָנשטריך — דער, ־ן. שטריך וואָס קומט אויבן, איבער עפּעס. אָ'ן פֿון כינעזישע אותי־יות. אָ'ן אויפֿן פּנים בײַם שפּילן די ראָלע פֿון אַ קלאַון. אָ'ל — „[דעם אַקטיאָר] אָ'ל ון אַ פֿילאָזאָפֿיש־געזאָנענעם באַלון־פֿאַרקויפֿער אין תּל־אָבֿיבֿ„, נ. סווערדלין, טמז, 3 III 1964.
אָנשטריכלען — טרוו. ־כל אָן, ~ געשטריכלט. דזוו אָנשטרײַכלען ←. שאַפֿן אַ געשטאַלט מיט דער הילף פֿון קליינע שטריכן. אָ, אַ טיפּ, בינע־פֿאַרשוין. ־ונג.
אָנשטריקן — טרוו. שטריק אָן, ~געשטריקט. שטריקן אַ סך. אָנפֿאַרטיקן דורך שטריקן. אָ, זאָקן, הענטשקעס, שאַליקלעך אע. „אין די קיבוצים... האָט מען געמאָסטן די צײַט פֿון די לאַנגע רעדעס מיט דעם וויפֿל מע האָט געקענט באַוויין אָנצושטריקן — 'דער רעדנער האָט גערעדט נאָר אַ האַלבן אַרבל'„, י. צדקוני, ייִשפּ 2 ,XXI. אויך מיט ז י ך. ונג.
־עניש. ־ערין, ־ערקע. ־ערײַ.

אָנשטרענג — דער, ־ען. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנשטרענגען (זיך). אין גרעסטן
אָ'. מיט אַ הערּאָאישן אָ'. דער אָ, פֿון ערשטן
קינדישן טראָט פֿאַרעקשנטער אָ,. „די גרייס
.
פֿונעם מוסקלען אָ, בײַ דער אַרבעט ווערט
-
אויך קלענער, וויבאַלד דער מענטש
פּראַקטיצירט זיך אָן„, ט. בערלס, מענטש־מאָשין, קיִעוו
1927. „מיט אָ, קומט אים אָן יעדער בייג אויף
צונויפֿצונעמען שנײי אין זײַן זופּ־קענדל„,
יtראל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג.
אָנשטרענגונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנשטרענגען (זיך). טאָן אָן שום
אָ'. מ אַ כ ן יעדע אָ', די גרעסטע אָ'. די אָ,
זיך צו פֿאַרפֿולקומען. אויסהאַלטן אַ
דויערדיקע אָ'. אַן איבערמענטשלעכע אָ'.
פֿאַראייניקן די אָ'ען. אַ גײַסטיקע אָ'. „מלכים און
נאַציאָנען זײַנען געקומען באַערן די אָ'ען“,
קמ, 26 1867, No פֿילאָזאָפֿיע איז די גרעסטע
. „
אָ, פֿון דעם מענטשן, דער ווילן צו געפֿינען
זיך אין דער כאַאָטישער וועלט„, קאָר I. „פֿון
אָ, זענען אויף זײַן שטערן און האַלדז

אַפּערגעקוואָלן שוואַרצלעך די אָדערן,,, רחל קאָרן, ערד.

אָנשטרענגען — טרוו. שטרענג אָן, ~
געשטרענגט. מאַסן עס זאָל מיט מי פֿונקציאַ￼ירן

אָנשטשאָבען

אַזוי גוט ווי מע וויל. אָ, די אויגן
דורכצולייענען די קליינע אותיות. אָ, די אויערן ניט
דורכצולאָזן קי￼ן וואָרט פֿון דעם שמועס. אָ,
די מוסקלען בײַם ציִען דעם שטריק. אָ, דעם
קאָפּ (מוח, מאַרך) בײַם לערנען די האַרבע
סוגיא. אָ, די פֿאַנטאַזיע אויפֿצוכאַפּן דעם
מאָלערס כּוונה. אָ, יעדן נערוו צו בלײַבן רואיק.
"כּדי אונדזערע קינדער זאָלן ניט זײַן אַזעלכע
פֿאַרחוּשכטע... דאַרף מע￼ זען זיי... זאָלן
ניט אַזוי שטאַרק דאַרפֿן אָ, זייערע שוואַכע
מוחלעך", חבֿרה מפֿיצי ה￼)כלה, אַ פּאָר
ווערטער צו יודישע עלטערן וועגן חדר, ווילנע
1914. ,,בײַם אָ, מײַן ברעם,... בײַם
אויסשמייכלען מײַן ליפּ,,,,, האַל, מײַן אַוצר.

￼

"עס שטרענגט די שטילקייט אָן איר אויער",

חג, 'האַרבּסט אין גאָרטן,.
מיט ז י ך — זיך שטאַרק מיִען, אָנווענדן כּוחות. אומזיסט־אומנישט זיך אָ'. זיך אָ, צו דערמאָנען זיך. ,,זיי [די אייניקלעך] וועלן שו֯ן אַוודאי ניט וועלן זיך אָ'... אַ שיין מקום־קדוש אויסצובויען,,, ארז, קמ, 1864, No 18. ,,אַרומגיין מער אויפֿן פֿרישן לופֿט... און זיך ניט צו פֿיל אָ'", בּלעטער, No 17. ,,ווען וועלן מיר זיך אין גלות אָ, צוריק אָנהייבּן לערנען תּורה...", ספֿר המצוות, ווראָנאָוו נ, ט', 1935 פֿון ליבּשאַפֿט צו הקדוש. ,,
בּרוך־הוא דאַרף אַ מענטש... זיך אָ, מיט זײַן עבֿודה", תּניא, סמ. "פֿונקט ווי ער האָט געזאַמלט געלט, אַזוי האָט ער זיך אויך אָנגעשטרענגט צו זאַמלען מצוות,,, זלמן שזר, טמז, 6 XII 1964. ,,בּיז צום פֿלאַ֯ן שטרענגען אָן זיך אירע אַנגלען,,, פּמ, מלחמה I.
־עכ֯ן. ־עניש. ־ערײַ.
אָנשטשאָבּען — טרוו ־בּע אָן, ~
געשטשאָבּעט. 1. אָננייען אַ סך, אויך ניט־געראָטן, שלעכט. 2. ווי ניט איז צונייען. אָ, לאַטעס. 3. אָנקלײַבּן, אָנקראַצן, ווי ניט איז

צונויפֿנעמען. "שטשאָבעט זי אָן אַ ביסל פֿאַרטריקנטע ליים,,, מ אַלבערטאָן, שאַכטעס, מאָסקווע 1934.
־עניש.

אָנ(ש)טשיסען — טרוו ־פֿע אָן, ~ געׂ(ש)טשיפּעט. סל 1. אָנרײַסן. אָנפּליקן. אָ, גראָז פֿאַר דער ציג. 2. אָנקנײַפּן. אָ, די מיידלעך א ן די ליטקעס.

אָנשטשערבען — טרוו ־בע אָן, ~ געשטשערבעט. מאַכן אַ קאַרב. אָ, אַ ליימען טעפּל. אָ, אַ מעסער.

אַנשי — [אַנשיי] די מענטשן פֿון.... די מענער פֿון.... ערשטער טייל פֿון אַ צאָל ווערטער און אויסדרוקן. . איש. צוזאַמען מיט אַ נאָמען פֿון אַ שטעטל, שטאָט, געגנט — אָפֿטער נאָמען פֿאַר אַ חבֿרה פֿאַראיין, לאַנדס,

מאַנשאַפֿט, קליינער קאָנגרעגאַציע אץ די לענדער פֿון אימיגראַציע. למשל: אַ'־לענשנע, אַ'־קוזמיר, אַ'־סמאַרגאָן.

אַ'־אמונה — די. . איש־אמונים. ,,זיי זײַנען מוציא שם־רע אויף די אַ'־א,", נצ, זשיטאָמיר תּרכ,,ג, רבֿ.

אַ'־אמת — די. ← איש אמת. דערציילן

עפֿעס וואַס מע האַט געהערט פֿון אַ'־א'. "מיר

1668

וואָלן זיך אָפּלערנען פֿון די אַ'־א'", איבז, ר,
יצחק האַמבורגער, ‎􏰀יח יצחק, לעמבערג 1876.
אַ'־בּליעל — די. ← איש בּליעל. „גם
זונשׂט אַנדר אַ'־בּ'... אצלו גימכט אונ,
י
כּלומר מיט אים גיהאַנדלט„, גה, 217.
אַ'־גאָראָד — די [ס'ווערט געשאַפֿן איר
בּײַטעם דורך דער אומגעוויינלעכער
פֿאַרבּינדונג]. מענטשן פֿון שטאָט. געוויינלעך: אַ'־
המקוס. אַ'־העיר. "איך זע אַרויס אַז די
אַ'־ג, ווען אונדז צולאָזן און ווען אָננעמען
אונדזער זאַסעדאַטעל", קמ, 31 1866, No.
אַ'—גמילות־הסדים — ← גמילות־
חסדים. "ד אַ'־ג'־ח, האָבּן עס אומעטום
אויפֿי
געשטעלט גמילות־חסדים־קאַסעס". "זיא [די
פֿראַנקפֿורטער] האָבּן אויזר האַלבּן אי􏰀ן שם —
א'־ג'־ח, הם", 'בּחורים־ליד', פֿ􏰀דמ, 1750 [וואָכ
שטיין־בּוך, ייִוואָ].

אַ־(ה)בית — די. > בראשית, לט, 11.
). איש־בית. „ווען מע האָט געדאַרפֿט באַקן... מצה פֿאַר כל אַ־ה'“, לדב, נ„י תּשי„ז, רמו.
“גיב איבער מײַנע ברכות צו אַ־ב י ת ך „.
„ער האָט צרות פֿון אַ־ביתו„.
אַ־המעשׂה — ← אַ־מעשׂה.
אַ—המקום — [... האַמאָקוים] די. > בראשית, כו, 7. 'די מענטשן פֿון דעם אָרט„ תּי היגע אײַנוואוינערס, אָרטיקע תּושבֿים, אַ־ העיר. “ער איז דער ראָש־וראשון פֿון ד אַ־ה'“,
י

)ע, בלאָנדזענדע שטערן
אַ־הקאָמיטעט — „אַ־ה, דאַרפֿן צווישן זיך אײַנטיילן די טעג... ווען איטלעכער דאַרף קומען אַכטונג געבן“,קמ, 39 '186 No.
אַ־(ה)שם — > בראשית, ו, 4; במדבר, טז, 2. ,מענער מיט אַ נאָמען', תּי. באַרימטע, פֿראָמינענטע, אָנערקענטע מענטשן. „אַפֿילו די אַ־ה, וואָס האָבן געהאַט דעם גרויסן נאָמען“, נס. „געהויבענע משפּחה פֿון גאָלע רבנים לומדים און אַ־ש,“, ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט

אַ־התלמוד — ,,די חכמים וואָס זײַנען געווען נאָך די אַ,־ה, האָבן מחבר געווען פֿיל ספֿרים", חה, ה/א.

אַ'—הזקה — [... ־כאַזאָ'קע] ייִדן וואָס האָבן אויף עפּעס חזקה. ספּעצ די ייִדן וואָס האָבן געהאַט רעכט צו וואוינען מחוץ דעם תּחום אין די 80ער און 90ער יאָרן פֿון 19. י"ה [דאָס רעכט איז געווען געבויט אויפֿן פֿאַקט אַז זיי אָדער די עלטערן האָבן שוין דאָרט פֿריִער געוואוינט]. ,,עס זײַנען דאָ פֿון די היגע אַ'־ח'... קבצנים, צײַט אַחינו בנייִשׂראל האָבן אָנגעהויבן צו באַזעצן זיך אין כאַרקאָוו,,, יי� אָל, 26 1887, No.

אַ'־היל — ← איש חיל. ,,זײַני אַ,־ח, איין קשר איבר אים גימאַכט האבין,, ר, זלמן הענא איבז, צמח דוד פֿפֿדמ, 1698. ,,אויסהאַלטן

�

,

איי ניקע ברידער פֿון די אַ'־ח, איבער פסח,,, ריִפֿאָל, 7 1890, No. ,,געפֿירט אַ התנגדות ביד חזקה, מיט חרמות און תּקיפֿות פֿון אַ'־ח'",
פּרץ, 'צווישן צוויי בערג,.

אַ־הן — [... כיין] די. געניצט מיט בבֿ:
1. די וואָס זײַנען עוסק אין קבלה [ח,,ן —

 יאָנשיטן

חכמה נסתרה פֿאַרבאָרגענע חכמה]. .2
חסי,
דים פֿון בעל־מקובל ר, ישׂראל אישאַנסקער.
 אוי געוועקטע, 410. ,,דער טאַטע זײַנער
איז געווען דער 'נסתּר', אַ געוואַלדיקער
בעלמקובל, זײַנע חסידים רופֿט מען אַ־ח'“, נ
ברוסילאָוו, די שטילע ערד

אַ־הסד — ← איש חסד. או ך: נאָמען
 ון אַ קאָנגרעגאַציע. ,,דעם ליבעראַל... ליגט
אין זײַן טבֿע צו האָפֿן... אויף דער
גוטהאַרציקייט פֿון אַ־ח, אוז קיינמאָל ניט
אַרויסצוטרעטן אין אַ דירעקטן קאַמף“, בן חופֿש,
א פּאָליטישע אָדער אַ טאָציאַלע רעוואָלוציע ,
 .1905
אַ־ירושלים — אײַנוואוינערס פֿון
ירושלים. ,,[ער] האָט דאָס פֿאַרציילט פֿאַר די אַ,־
י',,, י. מאָרגענשטערן, מעע)ה מתוקה כּד ש,
וואַרשע 1909.

אָנשיבּושן — [... שי'בּעשן] סרוו שיבּוש אָן,
~געשיבּושט. אָנקלײַבּן אין זייער קליינע
סרמעס. אָ, הלוואָהלעך צו עפֿענען אַ קרעמל.
אָנשיבּן — ← אָפּשיבּן.
אַנשיט — ← אײַנשיט. „ער האָט אָן אַ', נישט
קיין מאָגן“, מער ־גאַליציע = ער איז אַ
גרויסער פּרעסער.
אָנשיט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזרלטאַט פֿון אָנשיטן. לאַנג־געדויערדיקער אָ'.
„גראָבּן די גריבּלעך אינעם ווייכן אָ',„ רעד,
אַקש, 14 אָקטיאַבּערס. 2. אָנגעשאָטן בּערגל.
מאַכן אַן אָ, פֿאַר דער וואַנט פֿון פֿעסטונג.
“שטיל איז ער אַוועק און פֿאַרשאַרט
געוואָרן... אויפֿן אָ, פֿאַר אָרעמעלײַט“, חג,
'דער שטומער מנין', טמז, 1964 III 21. “בּאַלד
הייבּט זיך אָן די זאַוואָד־טעריטאָריע, אָט נאָר
איבּערגיין דעם אָ',„ א קאַהאַן, אינזשענערן,
קיִעוו 1932. 3. לאַנגער פּאַס פֿון
אָנגעשאָטענער ערד. אָ, בּײַם בּרעג טײַך, דאָס וואַסער
אין פֿרילינג זאָל ניט פֿאַרפֿלייצן דאָס דאָרף.
א ײַ ן נ בּ אַ ן אָ, — דער אָנשיט וואָס ווערט
-
געמאַכט אויסצולייגן די בּאַן־רעלסן. „פֿון

בּיידע זײַטן אָ, זײַנען געלע׳ן... גרינע לאָנקעס,,,
מ. אַראָנסקי, דערציילונגען און נאָוועלן, ק׳עוו
.1940
~) געשאָטן,־.. ׳, אָן, טרוו שיט אָן — אָנשיטן
געשיט). 1. אַ סך שיטן, מער ווי מע דאַרף,
מער ווי ס'איז נייטיק. ,,זי האָט אָנגעשאָטן
זאַלץ, קאָן מען די זופּ ניט עסן‘‘. *(אָנ)שיטן
פּעך און שוועבל אויף עמעצן = בּייז אָנריידן
אויף עמעצן. אָ, מיט קללות. ,,לאה האָט זיך
אָנגעכאַפּט מיט הענט און מיט פֿיס און...
אָנגעשיט מיט נײַן מאָס רייד‘‘, י. ל. בּינשטאָק,
בּײַא ר, שלמה בּערלינער, לוואָוו 1898. 2. שיטן
אויף איין אָרט עס זאָל ווערן אַ בּערגל. ,,איך
קאָן מיט גאָלד און זילבּער. ׳. אַ בּאַרג דיר
אָ'‘, האל, מײַן אוצר פֿיג. ,,דער שרײַבּער
׳
האָט אָנגעשאָטן בּערג מיט שבֿחים אויפֿן טויטן
גבֿיר‘‘, ראובֿן בּרײַנין, שריפֿטן. אויך אומפּ
,,איבּערנאַכט האָט אָנגעשאָטן בּיז די שוועלן‘‘,
סעג, איצטער׳
3 פֿרל מאַכן דורך שיטן. אָנפֿילן. אָ, דעם
.

אָנש􏰀טן

אײַנשיט מיט פּוך. אָ, זעק (מיט) תּבֿואה. „יאָ, מע וועט דיר אָ, זעק מיט רענדלעך„ — איר, מע וועט באַלוינט ווערן. 􏰀אָ, פּעסער (אַ פּאַס) מיט גאָלד = גיר רײַך ווערן. מע זאָל מיר אָ, אַ פּולע שטובֿ מיט גאָלד (וועל איך עס אויך ניט טאָן). „וואָלט דאָס דער צדיק געקאָנט ווערן רײַך, ער וואָלט זיך דאָ געהייסן אָ, פּעסער גאָלד„„ טעיאַטאָר. „נעמען אַ ציבעלע

􏰀

און אויסהוילן און אָ, מיט געריבענעם קימל ... און אין הייסן פּריסיק בראָטן“, תּעלה ארוכה, לבֿוב 1850. “דער בעדער האָט דעם פּרײַטיק אָנגעשיט פּולע קעשענעס. ווי נאָר אַ שלעכטן דרײַער, האָט מען געבראַכט דעם בעדער“, בינטשע די צדקתטע, וואַרשע 1883. „דער מאַטראַצל איז געוואָרן העכסט אײַנגעלעגן... מע האָט געברויכט נאָר איבערשיטן די וואָל און ווידער אָ'„„ אמד, פּייגעלע די עגונה, ווילנע 1875. “זיי האָבן נישקשה אין די עטלעכע יאָר... אָנגעשאָטן פּעסער מיט גאָלד“, ממוס, טאַקסע

4. אַרײַנשיטן אין אַ כּלי (פֿאַר בּהמות אָדער עופֿות). אָ, גערשטן פֿאַר די עופֿות. אָ, האָבּער פֿאַרן פֿערד. ,,האָט געהייסן אָ, די טאָרבּעלעך פֿול מיט עסן...,,, אַ גאַנץ נאייע שיינע מע□ה פֿון דעם בּעהאַלטענעם חכם, וואַרשע, יאָר?

5. אַרויפֿשיטן. אָ אַ סטעזשקע מיט זשוויר.

,

“האָט מען די ערד גוט אויסגעגלײַכט, אָנגעשאָטן געלן זאַמד... די פּאָרלעך זאָלן קענען טאַנצן,,, אפּא, איק, 4 1959 III. □אָ, זאַלץ אויפֿן ע ק — אָנווענדן אָ מיטל וואָס מע קאָן ניט דורכפֿירן, וואָס קאָן ניט העלפֿן. ,,דאָס איז אַזאַ מיטל ווי אָ, זאַלץ אַ פֿייגעלע אויפֿן ווײדעלע כּדי עס צו כאַפּן,,, ממוס, ספֿר הבּהמות. ,,וואָס וועל איך אים טאָן. אַז ער וועט אַוועק אין אַ יאָר אָדער צוויי? איך וועל אים אָ, זאַלץ אויפֿן עק?“, בּ. גאָרין, דיא מזיקים, נ״י 1□00.

6. אומנוציק, אומגערן אויסשיטן. אָנשמוצן מיטן אָפּפֿאַל בּײַם אַרבּעטן. ,,דאָס קינד האָט זיך צוגעכאַפּט צום צוקער און אָנגעשאָטן אַ פֿולן טיש“. ,,ער האָט גערייניקט דעם אויוון

א]. אָנגעשאָטן אַש און סאַזשע איבערן גאַנצן דיל,,. *אָ, זאַלץ אין זיסן טיי = עפּעס קאָליע מאַכן דורך זײַן איבעריק שטרענג.
מיט ז י ך — ,,דער וואָס טוט פּשוט אַ גניבֿה שיט זיך אָן אַרבעס אין די זאָקן,,, עט, לידער. פֿיג. ,,בּיני לבּיני... האָט זיך שוין אָנגעשיט בײַ זיי אַ רעשטל קינדער,,, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יונג I, טאַרנאָוו 1911. אָ, זיך מיט גאָלד, מיט לייזונג. אָ, זיך פֿולע קעשענעס. *אַ, זיך די הויט = רײַך ווערן. *ער הייסט זיך אָ, = ער פֿאַרלאַנגט מע זאָל איס טײַער בּאַצאָלן.
־עכץ.   ־עניש.   ־ער (־ין, ־קע) — יעדערער וואָס זײַן אַרבעט איז אָנשיטן, ספּעצ וואָס זײַן פּראָפֿעסיע איז אָנשיטן תּבֿואה אין זאַסיקעס; בּײַם בּאַקן מצות — ווער עס שיט אַרײַן מעל אין בּעקן   ־עריי.
—   .

1669

אָנשייגעצן — טרוו ־עץ אָן, ~געשייגעצט.
אויך: ~שגצן.   אָנרופֿן שגץ. אָנזידלען.
אַ בּיסל אויסשייגעצן. ,,אַזאַ איינעם איז ניט

גענוג אָנצושייגעצן, אַזאַ איינעם דאַרף מען אויספּאַטשן״.
אָנשיידלען — טרוו ־דל אָן, ~געשיידלט.
ארויפּטאָן אַ שיידל, (פּוטל אַר). אָ, בּרילן. אָ,
י

-

דעם טערמאָמעטער.
אָנשיילן — טרוו שייל אָן, ~געשיילט.
1. אַ סך שיילן. שיילן אָ גרויסן סכום. ״דער בּאַשטראָפּטער זעלנער האָט אָנגעשיילט טעפּ מיט קאַרטאָפּל״. 2. טיילוויז אָפּשיילן. „ער האָט אָנגעשיילט דעם עפּל און אים איבּערגעלאָזן״. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אָנשיין — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער רעזול־־
טאַט פּון אָנשײַנען. 2. אָנבּליק, אויסזען. דרויסנדיקע ענלעכקייט.
אָנשיינען — טרוו. שײַן אָן, ~געשײַנט.
--
1. אַ סך, שטאַרק בּאַשײַנען. אָנפּילן מיט שײַן. ״די זון האָט אָנגעשײַנט און אָנגעוואַרעמט די שטוב״. 2. בּרענגען צו אַ שײַן, מאַכן מע

זאָל קענען אָנזען. מאַכן צו באַמערקן. אָ, דעם סאַמאָוואַר. אָ, מיט אַ באַטערייקע דעם וועג צום קעלער. „דער מענטש זאָל ניט... גלוסטן און באַגערן, וואָס זײַן געזיכט אים אָנשײַנט (שײַנט אָן)„, ר, משה בר, אליהו, מלאכי קודש, וואַרשע 1839. אויו מיט ז י ך.

אָנשייסטערן — טרוו ־ער אָן, ~ געשײַס— .

טערט. געוויינלעך איר (אָנ)מאַכן עפּעס שלעכט, פּאַרטאַטשנע. אָ, בענקלעך אויף הינערנע פּיסלעך. אָ אַרטיקלען ־ונג.

*

,

אָנשייסן — אוטוו & טרוו. שײַס אָן, י.„

געשיסן, ~געשײַסט. (גראָב). 1. אויסשיידן צואה. אָ, ציגענע באָבקעלעך. אָ, אין די הויזן — אויך: זיך דערשרעקן. 2. דזוו אָנדאָסן, בב 4־5.

אָנשייערן — טרוו. ־ער אָן, ~געשײַערט.

--

1. שײַערן אַ סך, אַ גרויסן סכום. אָ, אַלע טעפּ.
2. אויבנאויף שײַערן. אַ שײַער טאָן. „אַ ביסל אָ, זילבערוואַרג און פֿאַרקויפֿן פֿאַר נײַ„.

3. אָנזאַמלען, אָנקלײַבן, (אַרײַננעמען ווי אין
אַ שײַער) [דאַרף זײַן: אײַנשײַערן]. „לאָז כאָטש
אַ ביסל קולטור אָ,“, י. ליובאָמירסקי איבז,
ב. גליעבאָוו, דער שניפּס, מאָסקווע 1932.
אָנשיכּורן — [... שיקערן] טרוו. שיכּור אָן,
~געשיכּורט. אָנטרינקען מיט אַלקאָהאָלישע
געטראַנקען ביזן אײַנשיכּורן. „און רופֿט דעם
איידים... צו זיך אויף איין סעודה בײַ נאַכט
און האָט אים פֿיל אַן גשיכּרט„, שי, כז/א.
“זי האָט אים געגעבן אַ סך צו טרינקען כּדי
זי זאָל אים אָ', און ער איז אַנשלאָפֿן געוואָרן„,
איבז, מדרש עסtרת הדבּרות, לעמבערג 1862.
„קומט אָן אַ סטראַזשניק, נעמט מען אים...
צו לייזערן אין שענקל אַרײַן און מע שיכּורט
אים אַן„ פֿ. בּימקאָ פֿאַרן פּריזיוו פֿיג. „וואָס
□ , , .
רײַכער זיי וועלן אָ, זייערע שפּיזן מיט בּלוט„,
זשיט III□, נ„י 1917. „און ס'גיסן זיך לידער
ווי ווײַנען און שיכּורן אָן דאָס געמיט„, פּמ,
'ירושה'.

אַנשים אַהים אַנהנו

מיט ז י ך — אָ, זיך מיט מאַכט, התלהבֿות.

אָ, זיך פֿון נחת. “פּורים קטן מעג מען זיך אָ,
אָבער יום־כּיפּור קטן דאַרף מעז ניט פֿאַסטן,,,
שוו. „דו זאָלסט זיך ניט אָ, וואָרעם טאָמער
אפֿשר ועסטו וערן מיאוס דורכדעם און ועסט
ריידן ניבול־פּה,,, ר, משה בר, נתן נטע איבז,
שבֿט מוסר, סודלקאָוו 1833. „טאָמער פֿלעגט
אַמאָל שוין וערן אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן,
פֿלעגט ער זיך אָ, אויף אַ פּאָר טעג“, נ.
בּרומילאָוו, די שטילע ערד. ־ונג.
אַנשי־כּנסת־הגדולה — [אַנשיי־קנעסעס
האַגדוילע] די. < אָבֿות, א, א; סנהדרין, קד/ב
אאַ 'מענער פֿון דער גרויסער פֿאַרזאַמלונג,
[וואָס האָט פֿונקציאָנירט אין דער תּקופֿה נאָך
עזרא הסופֿר; לויט דער מסורה האָבּן ד אַ'־
י
כּ'־ה, איַינגעשטעלט דעם סדר פֿון דאַוונען, פֿון
די כּת ▯ י־הקודש און ממשיך געווען די טעטיקייט
פֿון עזרא הסופֿר]. “די אַ'־כּ'־ה'... האָבּן
געהייסן בּויען אין יעדער שטאָט אַ מקום מיוחד
לתּפֿילה“, קמ, 4 l866, No.
אָנשיכטונג — די, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנשיכטן. כּלערלייאיקע אָ'.
2. אָנזאַמלונג פֿון שיכטן איינע אויף דער
אַנדערער. „דער סינטאַקס איז אַ רעזולטאַט

פֿון היסטאָרישער אַנטוויקלונג און אַנטהאַלט פֿאַרשיידענע אָ'ען", אַפֿן שפּראַכפֿראָנט, קיִעוו 3 1935, No־4. ,,דער אָפּקלאַנג פֿון דאָס אַלץ... פֿלעגט זיך דערטראָגן אַפֿער... מיט אַזעלכע אָ'ען פֿון מענטשלעכער פֿאַנטאַזיע", איבֿז, אַקובֿ קאָלאַס, זומפּ, מינסק 1936.
י

אָנשיכטן — טרוו. שיכט אָן, ~געשיכט. פּפֿ:
י.,,שיכטעווען. אַרויפֿלייגן, אַרויפֿוואַרפֿן, אָנשיטן אַ שיכט אויף אַ שיכט. אָ, סחורה אויף פֿאָליצעס. אָ, אַ חתונה־טאָרט. אויך מיט ז י ך. ־ונג.

אָנשילדן — טרוו. שילד אָן, ~געשילדט. אָנפֿעסטיקן אַ סך שילדן.

אָנשילדערן — טרוו ־ער אָן, ~געשילדערט.

אַ סך שילדערן. אָנדערציילן מיט פּרטים. אָ, שרעקלעכסטע בילדער פֿונעם לעבן אין די לאַגערן פֿון טויט ־ונג.

.

אָנשילטן — לד ← אָנשעלטן.

אַנשי־לצון — [אַנשיי־לאָצן] די. < ישעיה כח, 14; משלי, כט, 8. ,לײַט פֿון געשפּעט',

תּי. לצנו־טרײַבער, חבֿרה לצים. „שוין... פֿאַרן שלחן־ערוך זײַנען געווען אַזעלכע אָפּשפּעטער... אַזעלכע אַ'־ל'... ישעיה הנבֿיא שטראָפֿט זייער אַרט דענקען און ריידן“, דר, נ. ה. עהרמאַן, דער שלחן ערוך, וואַרשע תּרפּ„ז.

אָנש(י)לשולן — [... שילשלען, שילשעלז] טרוו. ש(י)לשול אָן, ~געש(י)לשולט. (גראָבֿ) אָנרעדן אַ סך, אָנפּלאַפּלען נאַרישקייטן.

אָנשים — [אַנאָשים] ← איש. מענער. „די אַ, האבּן גרוישׂי הילף גיטאן“, גה, 327.

אַנשים אַהים אַנהנו — [... אַכים אַנאַכנו] זאַץ. תּח. < בּראשית, יג, 8. ,

מענטשןבּרידער זײַנען מיר', ד„ה מיר זײַנען דאָך עפּעס אייגענע, קרובֿים (לאַנדסלײַט, פֿרײַנד,

אַנשיס (ו)נשים וט

חבֿרים). אויסדרוק פֿון פֿרײַנדשאַפֿט און־ קרובֿישאַפֿט.

אַנשים (ו)נשים וטף — [... (וויי)נאָשים

וואָטאַף] די. < ירמיה, מ, 7. 'מענער, ווײַבער און קינדער'. געניצט מיטן בּ: קינד און קייט. גרויס און קליין, גאַנץ קהל. "איז גיוואָרין איין איבּער גילוף, אַ, ו, ו, און זיא האָט אַללע גימיסט... בּענטשין", ר, צבֿי יחזקאל טיכלזאהן, פּינות הבּית. "אַצינד זעט ער... ווי דאָס גאַנצע שטעטל לויפֿט... אַ', נ, ו,", פּרץ, ,אויך אַ קרבּן'. ,,די מיליאָנען ייִדן, אַ, נ, ו, וואָס זײַנען דורך די דײַטשע רוצחים אומגעקומען בּאַכזריות נוראה אַשר אין דוגמתה,,, פּיעט.

-

אַנשים השובֿים — ← איש חשובֿ. "קומען זיך צוזאַמען עטלעכע בּעלי־בּתּים, טאַקע אַ, ח',,, פּרץ, 'יוחנן מלמדס מעשׂהלעך'.
אַנשי־מלחמה — [אַנשיי־מילכאָמע] ← איש מלחמה. "צווישן די אַ־מ, זײַנ ן געווען צוויי מענטשן", שע, 'הונדערט איינס'.
אָנשימלען — ־מל אָן, ~געשימלט. אוטוו — 1. זיך בּאַדעקן מיט אַ סך שימל. ,,אין פֿײַכטן קעלער שימלט אַלץ אָן". 2. אָנהייבּן שימלען. כאַפּן שימלען. ,,אין איין טאָג האָט שוין

דער קעז באַוויזן אָנצושימלען,,. טרוו —
מאַכן עס זאָל שימלען. בכּיוון אָ, קעז.
אַנשים נאמנים — ← איש נאמן. “די
מעשׂה האָבן דערציילט אַ, נ,“, קח.
אַנשי־מעמד — [אַנשיי־מײַמעד] די. < תּענית,
יז/א. ,מענער פֿון (אַ באַזונדערן) מעמד,
שטאַנד,. 1 פֿאָרשטייערס פֿ□ן פֿאָלק, וואָס
.
זייער פֿליכט איז געווען צו זײַן — אין דער
וואָך פֿון זייער מעמד — אין בית־המקדש,
בעת דער כּהן איז מקרי□ דעם קרבן־תּמיד.
,,די לײַט... די דא האבן גיהיישן אַ'־מ'...
מוזן שטין אין בית־המקדש ווען מן האָט
מקריבֿ איין קרבן גיוועזן,,, מהמ, אַמשט 1722,
רלד/ב. 2. חשו□ע לײַט, די וואָס שפּילן
אַ ראָלע אין זייער סבֿיבֿה פֿאַרמעגלעכע
בעלי.
בתּים. ,,דער גבאי איז פֿון די אַ'־מ,,,. ,,מע
קלייַבט נאָר אויס אַ,־מ', בעלי־מלאָכות לאָזט
מען ניט צו“.
אַ'־מעשׂה — די. ← איש (ה)מעשׂה.
,,זוא איז עשׂ נאָך מער גוט פֿר דיא (חסידים)
און (אַ,־מ') דשׂ זיי פֿאַשׂטן פֿר גנץ קהל“,

מהמ, אַמשט 1722, רלד/ב. העכער ווי די
נײַן די הויכע, ווײַסער ווי די נײַן די ווײַסע,
די הייליקע אַ־מ'“, צײַט, גל II, 'צען אויף א
בּאַרג'. ,,'שיינע ייִדן, האָבּן דאַמאָלס געהייסן
ייִדן־לערנער און אָ־מ',,, הרבֿ לוי גליקמאַן,
זכרונות בּית לוי, קעשענעוו 1934. ,,מיר [אין
ישׂראל] דאַרפֿן האָבּן אַ־מ', אינדוסטריעלער,
וויסנשאַפֿטלער..., סוחרים, אַרבּעט־מענטשן“,
דוד פֿלינקער, טמז 1967 II י 27.
אַנשים קלים וריקים — [אַנאָשים קאַלים
ווירייקים] פֿראַזע. תּח. < ראָש־השנה, בה/ב:
אַפֿילו קל שבּקלים, + שופֿטים, ט, 4: אַ,
,
רי .ם. מינערווערטיקע און נישטיקע,
לײַכטזיניקע מענטשן, הפֿקרדיקע, געמיינע יונגען

1()

,,ער האָט מחבּר געווע זיך מיט אַ, ק, ו...
וואָס טראַקטירן צו זויפֿן, ממילא קומט ער
צו אַן עבֿירה,,, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832,
אות כא.

אָנשינדן — טרוו. שינד אָן, ~געשונדן. 1. שינדן א גרויסן סכום. אָ אַ סך פֿעלן פֿון די

,, . ,

-

גענדז האָט זי אָנגעשונדן אַ טאָפּ מיט שמאַלץ,,.

2. טיילוויַיז שינדן. אָנהייבן שינ׳ן און ניט פֿאַרענדיקן. ,,דער קצבֿ האָט אָנגעשונדן דאָס קעלבל און עס איבערגעלאָזן פֿאַר זיַין העקער“. אויך מיט ז י ך.

אַנשי־סגולה — [אַנשיי־סגולע] די. < לויט דבריס, ז, ט: 'עם סגולה, — אויסגעטיילטע מענטשן מיט אויסנעמלעכע מאָראַלישע מעלות, הויכע בעלי־מידות. “אַ פֿאָלק איז אַן עםסגולה, אויב זיַינע פֿירערס זיַינען אַ'־ס',,. ,,די אַ'־ס, האָבן שׂמחת־תּורה געטאַנצט ביַים בעלשם־טובֿ“, מ. אונגער, טמז, 5 ׳2׳19 III.

אַ'־סדוס — [...־סדוים, סדאָם] די. < בראשית, יג, 13. 'מענטשן (ליַיט) פֿון (שטאָט) סדום,. סופּערלאַטיווער אויסדרוק פֿאַר רשעים בכלל. ,,ער איז אַ רשע־מרושע, ער ציט מסתּם זיַין ייִחוס פֿ׳ן אַ'־ס'“. ,,אָט זיי — זיי זיַינען ממש אַ'־ס',,.

אַ'־צורה — [...־צורע] די. תּח. < מועד

קטן ט/א. מיט בבֿ: 1. אָנגעזעענע לײַט.
2. תּלמידי־חכמים, לומדים.

אָנשיסן — טרוו. שיס אָן, ~געשאָסן. אַ סך
שיסן. שיסן אַ גרויסן סכום קוילן. אָ, האָזן.
"זיי האָבן אָנגעשאָסן אין וואַנט מער ווי אין
צילבּרעט". מיט ז י ך — "צוריקוועגס וועסטו
זיך אָ, פֿאַזאַנעס", איבּז, וול. לידין, שטילער
אָדער גרויסער, מינסק 193.

אָן שיעור — [... שיִער] אַדוו פֿראַזע. אָן
מאָס, אָן גרענעץ. אָן ענד. דזוו אָן אַ שיעור ..
סובֿ — אומבּאַגרענעצטקייט. אומענדלעכקייט.
דאָס וואָס האָט ניט קיין סוף, וואָס איז אייבּיק.
"מוז דאָך אַלץ,... אַלץ פֿאַרגיין, בּלײַבּסטו
דאָך אין דײַן אָן־שיעור — מײַן בּאַוואוסטזײַן
וועגן דיר", אַל, ,אין טאָל פֿון צלמות'.

אָנשיעורדיק — אַדי ־יקייט.

אָנשיפֿלען — אוטוו. ־פֿל אָן, ~געשיפֿלט
אָנקומ ח. מיט אַ שיפֿל. אָ, צום בּרעג. אָ, אין
האַפֿן אַרײַן. מיט ז י ך — זיך אָנפֿאָרן אַ
סך מיט אַ שיפֿל. "איך האָבּ זיך פֿאָריקע
וועסנע אָנגעשיפֿלט שוין פֿאַר מײַן גאַנץ
לעבּן", פֿײַוול סיטאָ, וואָס איז געשען
כּאַרקאָוו 1935.

-

~שיפֿן — אָנקומען מיט אַ שיף. מיט
ז י ך — זיך אָ, הין און צוריק איבערן
אַטלאַנטיק.
אָנשיק — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָנשיקן. 2. דזוו אָנשיקעניש. אַ
בראָך אַן אָ'.
אָנשיקן — טרוו שיק אָן, ~געשיקט. 1.
צונויפֿשיקן אַ סך, אָ גרויסן סכום. אָ, טעלע
גראַמעס און באַגריסונגען פֿון דער גאַנצער
וועלט. אָ, הילף. ,,זע נאָר וואָס ער האָט דיר

אָנשיקעניש

אָנגעשיקט פֿאַר מתּנות“, א. מאַמאַראָווסקי,
די הגדה פֿון דער לינקער ז .ט, אַדעס 1908.
2. שיקן עמעצן, ער זאָל צושטיין (מיט
אַ טענה, בקשה), ער זאָל מאָנען פֿאָדערן
,
עפּעס. אָ, אַ פּאָליציסט. אָ, מוסרים. אָ, דעם
אויפֿפּאַסער. אָ, דעם מלווה. אָ, דעם שדכן.
,,גאָט זאָל אויף דיר אָ, אַ נאַר,, — וועסטו
פֿילן דעם טעם פֿון צוטשעפּען זיך צו דיר

(ווי איך פֿיל עס איצט). ,,.... מורא האָבּן אַז שפֿרה זאָל ניט דערגיין וואו ער וואוינט און זאָל ניט אָ, א ו י ף אים מענטשן,,, ג. י. ראַוויטש, ריבֿ משפּחה, ווילנע 1865. ״זעלנער שיקט ער אָן אויף זיי אַ ראָיע, מערדער, ווילדע לײַט,,, ממוס, יודל. ,,גאָט וועט אויף דיר אָ, אַ גוי... וואָס דו וועסט ניט קענען מיט אים זיך אויפֿרעדן״, שע, 'לשנה טובֿה'. ,,מע האָט זיך ערלויבּט אָנצושיקן אין יעדער שטאָט און שטעטל מטיפֿים... וועלכע רעדן כּל דבר אָסור,,, נתנאל, דער פּוטטערנער אייוועז, פֿיעטריקאָוו תּרס,,ד.

3. אַרויפֿשיקן אויף עמע[?]ן עפּעס וואָס איז שלעכט, איז אַן אומגליק. זען אַז מע זאָל זײַן אין אַ צרה. אָ, די קאָנקורענץ פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו. ,,דער ווינטער האָט אָנגעשיקט זײַנע פֿרעסט און קיין טאָפּ קוילן איז ניט געוועזן,,. ,,דאָס האָט דער דאָקטער אָנגעשיקט די כאָלערע, יאָ, יאָ — דער דאָקטער,,.

4. מאַכן עס זאָל אָנקומען אַ צרה וו אַ
י
שטראָף פֿון הימל. אָ, יסורים. אָ, פֿורעניותן. אַ אַ קרענק. ,,אוי, זיסער גאָט אין הימל,
,

שיק אָן אַ טויט נאָר אויף מיר אַליין,,, פֿל.
,,אוי דו גאָט, דו גאָט אין הימל, וואָס האָסטו
אָנגעשיקט אַזאַ מין שט□אָף?,,, פֿל. "הקבּ,,ה
איז או□ף אים בּרוגז אונ, שיקט אויף אים אַן
גרושׂן חמה אונ, איז זיך נוקם אַן זאָלכי

□

מנהיגים", קה, פֿיורדא 1743, יח/ג. ,,ועמען
גאָט האָט ליבּ — דעם שטראָפֿט ער. נאָר
פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי? וואָס שיקט ער אָן אַלע
צרות אויפֿן ערלעכן?", ג. ח. לעוונער, דער
אמתר פֿעטער, ווילנע 1897. "אַז השי,,ת שיקט
אָן, רחמנא לצלן, אַ צרה אויף אַ ייִד, גיט
ער אים כּוח איבּערצוהאַלטן,,, א בּערגמאַן,
קאָצקער מע□יות, וואַרשע l929.
־ונג. ־עכ□ן.

אָנשיקעניש — דאָס (די□, ־ן. איבּז פֿון
משלחת. 1. אַן אומגעריכט אומגליק, צרה,
פֿלאָג. צושטיין ווי אַ בּייזע אָ'. "הונגער —
דאָס אָ, אויף מיליאָנען". ,,אָ שׂריפֿה, אַזאַ
אומגליק, אַזאַ אָ'!,,. אָ'ן קומען פֿלוצעם פֿון
אַלע זײַטן. ,,עס טראַכט זיך פֿון דעם בּיטערן

לעבן, פֿול קרענקונג, אַלערליי לײַדן מיט
באַליידיקונגען, פֿיל פּלאָגן, אָ'ן אַלטע אויך נײַע,,,
ממוס פֿישקע ,,עפּעס ליגט אינעם סוד פֿון

-

,
אונדזער קיום גופֿא אַ גרויסער כּוח, וואָס
קען אונדז בײַשטיין אַקעגן אַלע
שטורעמווינטן און אַ'ן,,, נש, דאָס נײַע לעבען, נ,,י,
מײַ 1911.
2. עפּעס וואָס איז אומבאַקוועם, וואָס שטערט,
שטייט אין וועג. אַן אָ', ווידער אַ פֿאַרזאַמלונג.
פּטור ווערן פֿון קבצנים, אַן אָ, אויף אונדזער

אָפּב יאַנעווען

אָפּב אַנעו ען — אוטוו ־נעווע אָפּ, ~
געי .
בּף אַנעוועט. 1 פֿאַרענדיקן בויאַנעווען, מאַכן
י .
סקאַנדאַלן, זיך אויפֿפֿירן ווילד. אָ, און ווערן
סטאַטעטשנע. 2. בו אַנעווען אַ לענגערע צײַט.

י

אָ, אין שענק אַ גאַנצן אָוונט.

אָפּבויג, ~בויגונג, ~בויגן — ← אָפּבייג, אָפּבייגונג, אָפּבייגן.

אָפּבוימלען — טרוו. ־מל אָפּ, ~געבוימלט. אבק אָפּגיסן, אָפּשמירן מיט בוימל. אויך מיט אַן אַנדער מין אייל. אָ, די האָר. אָ, די סקאָ'־ווערעדע.

אָפּבויען — ▯רוו בוי אָפּ, ~געבויט. 1 פּאַר. ענדיקן בויען. 2. צוריק אויפֿבויען. „אויב איר ווילט, קענט א▯ר אים אָ, אַ שענער הויז ווי עס איז געווען די אָפּגעברענטע„„ אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. „וואָלט פֿון אַ גראָשן צו אַ גראָשן זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע סומע געלט, עס זאָל מעגלעך זײַן ווי ס'איז אָפּצובויען זייערע הײַזער“, ממוס, 'נשׂרפֿים,. „אַ צעבראָכן האַרץ לאָזט זיך נישט אָ, פֿונדאָסנײַ וו אַ הויז“, ספּ, סודות. „עס זאָל אינגיבן
י
אָפּגעבויט ווערן דער הייליקער פּאַלאַץ“, מעע)ה אלפֿס II, ווילנע 1901, ז, 27.

3. אוטוו. אַנטלויפֿן. זיך אָפּטראָגן. „בוי אָפּ

פֿון מיר, אַניט וועל איך דיך צעממיתן,.. ,,
דערוויַיל האָב איך אָפּגעבויט. ווי זאָגט מען עפּעס:
אַז דער וואָגן פֿאַלט, זײַנען די רעדער צו
שווער“, גענאַרטע וועלט, 1815? ,,האָט ער זיך
באַשלאָסן פֿון היר אָפּצובויען און איז שנעל
געלאָפֿן,,, דובער בורשטיין, דיא פֿארשיכערטע
קיגד, ווילנע 1878. “מיר זאָלן זײַן פֿאַרמעגן
צונעמען און אָ, פֿונדאַנען,,, י. בודזאָהן, אַ
גיטראַייע ווייַביל חלעבין, ווילנע 1892. 4. (
אומאיידל) ניט ווערן. שטאַרבן. אַן אַלטער תּרח,
האָט ער אָפּגעבויט.

-

מיט ז י ך — ,,נאָך דער שׂריפֿה האָט זיך
די שטעטל אָפּגעבויט פֿיל שענער,,, אמד,
פֿייגעלע דער מגיד, ווילנע 1868. ,,וועט אָ, זיך
און זייען פֿעלדער / זיצן זיכער, שלאָפֿן אין
די וועלדער“, ממוס, יודל ־עכ׳ן. ־עניש.
־ער. ־ערײַ.
אָפּבויערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געבויערט.

.

פֿאַרענדיקן בויערן, עגבערן, דרילן פֿאַרטיק

.

ווערן מיטן בויערן. אָ, לעכלעך פֿאַר די

שטיפּטן. אָ, א צאָן פֿאַרן פלאָמבירן.
אָפּבויקערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געבויקערט.
דזוו אויסבריקערן (▯ 150).
אָפּבוכצען — טרוו —צע אָפּ, ~געבוכצעט.
.
1. סאַרענדיקן שלאָגן מיט די פּויסטן. אָ, דעם חבֿרה מאַן. 2. אָפּשטופּן. אָפּשטויסן.

געוויינלעך מיט ז י ך — קזוו ־עניש.
אָפּבונד — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּבינדן. היפּוך פֿון צובונד. „זייער צוגעבונדנקייט האָט זיך געענדיקט מיט אַן אָ'„. 2. אָפּריס. אַ שטיין וואָס רײַסט זיך אָפּ פֿון

1▯()9

אַ באַרג. „אין שרעק פֿאַרן אָ'„, מ. ז. טקאַטש, דאָרשט צום קוואַל.
אָפּבונטעווען (זיך) — אוטוו ־טעווע (זיך)
.
אָפּ, (זיך) ~געבונטעוועט. אויפֿהערן בונטעווען. אויפֿגעבן דעם רעוואָלט, דעם בונט. ״די סטודענטן וועלן זיך אָ, און ווידער זיך נעמען צום לערנען״, רייד (נ,,י).

אָפּבוצקען, ~בּוטשקען — טרוו ־קע אָפּ,

.

~געבּוצקעט, ~געבּוטשקעט. 1. דזוו אָפּבּוכצען. 2. אָפּקלאַפּן, אָפּשלאָגן. מיט ז י ך — קזוו. אָ, זיך מיט די הערנער.

אָ בּוקן זיך — אוטוו בּוק זיך אָפּ, זיך ~ געבּוקט. 1. אויפֿהערן זיך בּרקן. זיך אָ, און אויסגלײַכן דעם רוקן. 2. ווי ניט איז אָפּפּטרן דאָס בּוקן זיך. אָ, זיך פֿאַר אַ געטשקע. 3. זיך שטאַרק בּייגן פֿאַר עמעצן, בּעטן זיך בּײַ אים. אָ, זיך פֿאַרן גבֿיר.

אָפּבּוקסירן — טרוו ־סיר אָפּ, ~געבּוקסירט.

אָפּשלעפּן מיט אַ שלעפּשיף. אויך אָפּבּינדן פֿון שלעפּשיף א צוגעבּונדענע שיף. ,,מיר האָבּן איר געבּראַכט צו פֿירן אַ מאָטאָרקע, האָבּן אָפּ— געבּוקסירט דעם פּלאַניער איבּערן וואַסער,,,

איסידאָר שטאָק, אַפֿנ וו לקאנ, מאָסקווע 1938.

אָפּבּ קרז — [... בּויקערז] אומוו. בּ1קד אָפּ,

.'געבּוֹקרט. נעאָל. <'ויהי ערבֿ ויהי בּוֹקר'.

דורכמאַכן אַ סך בּוֹקרס, פֿרימאָרגנס. ,,ער האָט זיכער זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן אַז נאָך בּיליאָנען יאָרן אָפּ רבֿן און אָ, וועט קומען

אַ היטלער, אַ סטאַלין“, באש, פּאָר.

אָפּבּורבּלען — טרוו ־בּל אָפּ, ~געבּורבּלט.

פּפֿ: ~בּורבּע□נע□ן. i□□b□שוב:□□□□>. לד.
1. ענדיקן בּורבּלען. פֿאַרטיק ווערן מיטן בּורבּלען. 2. אַ לענגערע צײַט בּורבּלען. 3. אַרויסגעבּן קלאַנגען ווי אַ פֿליסיקייט בײַם זידן, ווי אַ וואַסער וואָס פֿליסט צווישן שטיינער אָדער אַנדערע שטערונגען. 4. אָפּגרעפּצן (איידעלער). דאָס זייגקינד בּורבּלט אָפּ נאָכן אָנזייגן זיך. 5. אָפּמורמלען, אויף גיך און ארמקלאָר אָפּזאָגן. אָ, אַ דאַוונען. „צווישן די זאַכן וועלכע אונדזערע... ייִדן בּורבּלען אָפּ, ... ניט פֿאַרשטייענדיק וואָס זיי בּורבּלען, זײַנען די פּרקי אָבֿות“, דער אמת, באָסטאָן 1895,

.No 7 „אָ, אַ בּקשה צו גאָט און זיך נאָכדעם וואונדערן וואָס ער הערט ניט„, ווינטש I□, נ„י 1927. פֿרגל אָפּבּאָרבּלען. ־עכ□ן. ־עניש.

אָפּבּורטשען — ־טשע אָפּ, □י.„געבּורטשעט.
אוטוו — 1. ענדיקן בּורטשען. „פֿאַרפֿאַלן — האָט [ער] אָפּגעבּורטשעט און... אויסגעפֿײַפֿט„, קוו ל אַמ און פּעטריק, קיִעוו 1932.

2. בּורטשען אַ לענגערע צײַט. „דער מאָגן בּורטשעט אים אָפּ נאַכן פֿעטן עסן".
טרוו. — 1. אָפּמורמלען. זאָגן עפּעס אין דער שטיל, מיט אַ האַלבּ מויל, אומפֿאַרשטענדלעך. 2. אָפּענטפֿערן בּורטשענדיק. בּרוגזלעך אָ,
די צושטימונג. „האָט איר אַלע אין לאַגער נעכטן געהאַט אַ פֿײַנעם אָוונט־עסן? — קיין בּעסערן

אָפּבּייגן

ניט אויף זײַן ווײַבּס חתונה... — בּדרטשעט אָפּ דער ווילנער", י)ראָל קאַפּלאַן, שליאַך און אומוועג ־עניש.
אָפּבּורלעסקעווען— טרוו ־קעווע אָפּ, ~ גע.
בּורלעסקעוועט. מאַכן אַ בורלעסק פֿון אַן ערנסטער זאַך. אָפּשפּילן אַ ראָלע ווי אַ בּורלעסק־אַקטיאָר. „זי האָט געקאָנט אָ, די סאַמע ערנטטע זאַכן און עס געטאָן אַזוי געשיקט", ע. קאַנטאָר [מ. שטיקער, טאָג, 26 1957 XI].
אָפּבּורעווען — טרוו ־רעווע אָפּ, ~ געבּורע.

וועט. (פֿאַריקמאַכערײַ) ניט־געראָטן אָפּשערן
האָר. אָ אַ קאָפּ.
,

אָפּבושעווען — אוטוו ־שעווע אָפּ, ־י.,,
געבושעוועט. 1. ענדיקן בושעווען. ״דאָך
אָפּגעבושעוועט האָט דער וואולקאַן צו ע־ד, און
אויף דער אָפּגעקילטער לאַווע וואוינט מען
ווידער,,, אַל II, 'צום לאַנדסמאַן'. 2.
בושעווען אַ לענגערע צײַט. ,,דער שטורעם האָט
אָפּגעבושעוועט אַ גאַנצע נאַכט,,.
אָפּבטלען — [... באַטלען] אקוזוו. בטל אָפּ,
־...,געבטלט. 1. פֿאַרברענגען אַ לענגערע צײַט
מיט גאָרניט, מיט אומוויכטיקע ענינים. אָ, דעם
גאַנצן זומער. 2. ווי ניט איז גיך אָפּפּטרן.
אָ, דאָס דאַוונען.
אָפּביגלען — טרוו ־גל אָפּ, ~געביגלט. קור
לאַנד. 1. אָפּפּרעסן. פֿאַרענדיקן פּרעסן. אָ,
אַ פּאָר הריזן. 2. ווי ניט איז אריספּרעסו.
אָ אַ קרומען קנייטש אויף די הויזן.
,

אָפּבידז(ש)אַיען זיך — אוטוו. ־ז(ש)אָיע זיך

אָפּ, זיך ,געבידז(ש)אַיעט. I נ. נ6i: <-

6lI.: אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ
געמאַטערט לעבן. ← דוווו ,,איר מאַן האָט זי
פֿאַרלאָזן און זי האָט זיך אָפּגעבידזאַיעט, זיך
אַרומגעשלעפּט, אים געזוכט אין דער פֿרעמד,,.
אָפּבידעווען — אַקוזוו ־דעווע אָפּ, ~
געבידע.
ווער. האָבן אַ שווער, אַ ביטער לעבן, זיך
מוטשען. אָ, אַ יאָר צײַט. אָ, אַ לעבן־לאַנג. ''אַז
[דער ייִדישער סאָלדאַט] האָט זיך כּשר
אויסגעדינט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז
אים פֿאָרגעשטאַנען באַנײַס אָפּצוכּידעווען אַ
לעבן און לײַדן אַלע באַגרענעצונגען,,, בערג,
יודן און די פֿאָטערלאַנד־מילכאָמע, מאָסקווע
.1941
אָסביטן — דזוו אָפּבעטן ←.
אָסבײג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּבייגן (זיך). אָ, פֿון וועג. אָ, פֿון אַ בוים,
פֿון אַ צווײַג. ,,דער אייבערשטער טייל [פֿון
קרוינבלעטל] איז ברייטער און אויסגעבויגן
דרויסנצו, דאָס איז דער אָ, זײַנער,,, א. גאָלאָמב
איבז, ג. באַטש, געוויקסן.
אָפּבייגן — טרוו. בייג אָפּ, ..־,געבויגן (י־,

געבײגט). 1. ענדיקן בײגן. פֿאַרטיק װערן מיטן
בײגן. 2. בײגן אַ ביסל אין אַ זײַט, אַװעק
פֿון דער גראָדער ליניע. אָ, דעם פֿאָרהאַנג כּדי
צו קענען זען װאָס עס טוט זיך הינטער אים.

אָפּבײזערן זיך

*(אַלײן) אָ, פֿון װעג = אָפּקערן פֿון גלײַכן װעג.
אָ, פֿון ציל = מוותּר זײַן אויפֿן אָנגעמערקטן
.
ציל. 3. אײַנבײגן עס זאָל קירצער װערן.
אָ, די הויזן בײַם בראָדזען אין װאַסער.
4. אָפּדרײען אין אַ זײט פֿון דער
נאַטירלעכער פּאָזיציע. „װײַסע קלײנע הענטלעך בײגן
אָפּ די צװײַגן", סעג, שטילע טרוימען, װאַרשע
1909. „קומט אַרײַן ברײט, כאַפּט אַ קוק
אויף..., בײגט אָבער שנעל אָפּ דעם קאָפּ",
ה עפּפּעלבערג, דער קרבן, װאַרשע תּרס„ח.
5. צוריק גלײַך מאַכן װאָס איז פֿאַרבויגן.
אײַנבײגן זיך און דערנאָך אָ, צוריק דעם
קערפּער. אָ, דעם פֿאַרבויגענעם טשװאָק. „װען
 יינער הײבט אויף אַ װײַנשטאָק איבער אַ טײל
פֿון אַ פּרוכטבוים, מעג ער ברענגען זאָט
אונטער די איבעריקע [ערטער] פֿון בוים, און אויב

די נײַע ציגעוואקסענע זײַנען ווײַטער געגאַנגען,
זאָל ער זיי אָ, צרריק", זרעיס, מה/א.
6. אַריבערגעווינען עמעצן. אָ, עמעצן פֿון
אַ קעגנערישער שטעלונג. ,,איך האָב אויף מײַן
זײַט אָפּגעבויגן מײַן טרײַע דינסט... איך
וועל אָנטאָן אירע קליידער", בחי"י [ב יאָגיכעס],
איבז, דער העלד יערמאַק, ווילנע 1874. ,,מיט
דײַן דענקען האָסטו זיי פֿון זייער וועג ניט
אָפּגעבויגן", טויבע סעגאל, עולם המעשה,
וואַרשע 1883.
7. (שנײַדעריש) פֿאַרבייגן און מאַכן אַ זרים.
מיט ז י ך — ,,האָבן זיך מיט אַ פּאָר מײַל
פֿריִער אָפּגעבויגן אין אַ זײַטיקן וועג וואָס גייט
דורך אַ טיפֿן וואַלד,,, אמד, מלכּה והדסה, ווילנע
1887. ,,די מוטער [וואָס לייגט דאָס קליינע קינד
שלאָפֿן] דאַרף אַכטונג געבן אריף די אויערן,
זיי זאָלן זיך ניט פֿאַרבייגן אָדער ניט אָ, זיך
צו פֿיל פֿון קאָפּ", בלעטער, No 38.
־ונג — ,,די סיבה פֿון דער אָ, פֿון דעם
קוילוועג איז דאָס וואָס ער קומט אַרײַן אין אַ שווער
פֿעלד,,, גוטנ ־עכ ן. ־עניש.
אָפּבייזערן זיך — אוטוו ־ער זיך אָפּ, זיך
~געבייזערט. 1. זיך מער ניט בייזערן. זיך
אָ, און געבן די האַנט. ,,דער בעס איז אַוועק,

האָט ער זיך אָפּגעבייזערט,,.. ,,לאָז זי זיך אָ',
דערנאָך וועט זי פֿון מיר קריגן דאָס איריקע,,,
רחלע דיא זינגערין, זשיטאָמיר 1868. 2. זיך
בייזערן אַ לענגערע צײַט. 3. אַרויסווײַזן אַז
מען איז בייז. ,,אַז מע בייזערט זיך אָפּ, גייט
אָפּ דער כעס", שוו. 4. זיך שטאַרק בייזערן.
אָפּרײַסן זיך אויף עמעצן. אָפּזידלען. ,,ער האָט
אַזוי לאַנג געבעטן ביזוואַנען דער בעל־הבית
האָט זיך אויף אים אָפּגעבייזערט", האמת
והשקר, לובלין 1895. ,,,גראָכעריו'נג, — בייזערט
זיך אָפּ דער רבי — וואָלטן דאָך אים די וועלף
געקאָנט נאָכיאָגן,,, ה ל זשיטניצקי, 'משהלע'.
5. זיך בייזערן אַ ביסל. "... אָפּזאָגן..., אָ,
זיך אַ ביסל און באַלד, אײַלנדיק, ניט לאָזנדיק
זיך רעדן... אַרויס", נס, די מישפּאָכע
מאשבער, מאָסקווע 1939.
אָפּבייט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזול--

171()

טאַט פֿון אָפּבײַטן. 2. שינוי. איבערבײַט.
,,דאָס אַריבערציִען זיך אין דער נײַער דירה איז
געווען אַן אָ, אין זייער לעבן".

3. אַ קאָמפּלעט קליידער אָדער וועש אויף איבערצוטאָן זיך. זיך לאָזן אין וועג אָן אַן אָ, פֿון וועש.

4. דער וואָס פֿאַרנעמט עמעצנס אָרט בײַ אַן אַרבעט, אַ פּאָזיציע אין אַן אַמט. „אונדזערע קינדער — אונדזער אָ,“, ימ איבז, ייִנגל און מיידל, ריגע 1929. „צו באַצייכענען דעם אָ, פֿון צוויי דורות“, בּ ריווקין, אונדזערע פּראָזאאיקער. „דער מידער וועכטער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זײַן אָ'„.

5. גרופּע וואָס אַרבעט אין דער זעלביקער צײַט, די זעלביקע שעהן. אַ שיכט. “אַ פֿאַבריק וואָס אַרבעט אין דרײַ אָ'ן„. „פֿון הײַנט הייבט מען אָן צו אַרבעטן אַ נאַכט־אָ'“, בּ שקליאַר, אויף פֿאַלשע וועגן, קאַונאַס 1939.

אָפּבייטלען — טרוו ־טל אָפּ, ~געבײַטלט.

--

1. פֿאַרענדיקן אָפּזיפּן מעל. אָ אַ ביסל קאָרן,

מעל.

2. געניצט אַנשטאָט אָפּבטלען (←). נר. פֿלעגט ריידן גיך, דאַוונען גיך... האָט ער

,

איצט אויך אָפּגעבײַטלט דעם דאַוונען“, רייד

(קאָוונע). 3. (קאָרטנשפּיל) אָפּגעווינען בײַ
עמעצן אַלץ וואָס ער האָט.
אָפּבייטן — טרוו בײַט אָפּ, ~געביטן. 1.

ענדיקן בײַטן. פֿאַרטיק ווערן מיטן בײַטן. 2.
פֿאַרנעמען יענעמס אָרט, קומען עפּעס טאָן אַנשטאָט
דעם וואָס טוט עס פֿריִער. אָ, עמעצן אויף
אַ שטעל. אָ, דעם ברודער אויף אַ פּאָר שעה.
אָ, די דיוויזיע אויפֿן פֿראָנט. אָ, אַ ה אַ נ ט אין
אַ שפּיל. „אונדזער כהן־גדול... [האָט]
אָפּגעכּיטן זײַן עלטערן זון אליעזר, דאָס ער זאָל
זיך איין עטוואָס משׂמח זײַן מיט דעם עולם“,
אמד, די פֿרײַנדלרכע ברידער אליעזר אונד
נפֿתּלי, ווילנע 1868. „פֿאַרטאָג, ווינטער איז עס
געוועזן, עס קומט אים אָ, דער טאָג־וועכטער„,
פּרץ, 'דער משולח'.
3. קומען איינס נאָך דעם אַנדערן, זײַן,
ווערן אזדי ווי אַן אָפּכּײַט. „די פֿאַרשיידענע
געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמען... בײַטן אָפּ איינע
די אַנדערע„, זשיט III, נ„י 1912. „אַזוי אָבער
קומען די ביידע טראַגעדיעס אָ, איינע די
אַנדערע“, ב ריווקין, ה לייוורק...
4. איבערבײַטן. איבעראַנדערשן. “דער פֿירשט
באַניצט זיך גאַנץ אָפֿט מיט זײַן רעכט

אָפּצובײַטן די אורטײלן פֿון דאָס געריכט", בלעטער No 39. "דאָס װעבער־געזעץ [אין ענגלאַנד] האָט מען אָפּגעביטן און דאָס איז געװען אַן אָנהײב פֿון אַ נײַער פּאָליטיק", די געשיכטע פֿון די ענגלישע ארבעטער־בונדען, זשענעװ, נאָװ, 1900, ז, 23.

5. אויסבײַטן, צעבײַטן גרעסערע מטבערת אויף קלענערע אָדער פֿאַרקערט. "דו האָסט געהאַט — גריװנעס, װילסטו זײ אָ, אויף רענדלעך", ליבין גאָלדין בערג.. , מלאכת מחשבת,

אָפּבײַסן

באַרדיטשעװ?, תקפ,,ח. ,,איך בין גראַדע אַרײַן אָ, אַ רובל, האָב איך אים געזען", משה שימינאָװיץ, ייִפּאָל, 1886, No 15. *(אָפּ)בײַטן דאָס רענדל: זיך שמדן.

מ י ט ז י ך — אויך: 1. װערן אַנדערש, זיך בײַטן. ,,אויב דער קאָליר האָט זיך אָפּגעבײַט. נעם פֿון אַפּטייק... צעמיש מיט ריינע װאַסער און לייג אַרײַן...,,, איין ביכל װאָש דרינין גיפֿינט זיך זאַכין טשיקאַװי, שקלאָװ תקנ"ה. 2. זיך אויסבײַטן מיט אַ געביטענער זאַך. "קומט ער איצט צו גיין און װיל זיך אָ,

צוריק", שע, 'אויפֿן פֿיד ;.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

,,די נושׂאים פֿון דער מ טה און זייערע אָ'ס [מוזן] אין יענעם טאָג זיך טובֿל זײַן,,, 'פֿון אַ צוואָה', 1819 [ייִבֿל 5 ,XIII־6]. "דער חלפֿן, דער אָ, נעמט אַראָפּ אַ פּראָצענט פֿאַר זײַן טירחה". ־ערײַ.

אָפּבייס — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט

--

פֿון אָפּבײַסן. גרויסער אָ'. ווייטיקדיקער אָ'. פֿרגל אָפּבּיס.

אָפּבייסן — טרוו בײַס אָפּ, ~געביסן. 1.

אָפּ־־

טיילן מיט די ציין אַ טייל פֿון אַ האַרטער שפּײַז. אָ, אַ (שטיק) עפּל. אָ, דעם זליפּעץ פֿון ברויט. "מע דאַרף אַזוי פֿיל אָ, וויפֿל מע קען אַראָפּשלינגען", שוו ,,מע טאָר ניט אָ, פֿון אַ שטיקל ברויט און דאָס איבעריקע אַנידערלייגן אויף דעם טיש אָדער עס געבן אַ אַנדערן צו עסן,,, חא, לז/ב. *אָ, מער ווי מע קען אַראָפּשלינגען :אַרײַנקריגן, צונעמען מער ווי מע קען ניצן, האָבן הנאָה פֿון דעם. *אָ, די כּרוסט וואָס גיט צו זייגן = א) טאָן אַ רעה עמעצן וואָס טוט

גוטס; בּ) זיך אַליין קאַליע מאַכן אַ גוט געשעפֿט. „אַ פֿעלד וואָס כותים האָבן אָפּגעשניטן... [פֿאַר זיך], אָדער מוראַשקעס האָבן אָפּגעביסן... אין די פֿעלד פּטור פֿון פּאה“, זרעים, יד/ב. אָ, דעם פּ י ט ו ם פֿון אתרוג — אַ סגולה צו האָבן אַ ייִנגל. „עס שטייט אין די ספֿרים אַ סגולה פֿאַר איין אשה מעוברת אַז זי זאָל נעמען דעם אתרוג הושענא־רבה און אָ, דעם פּיטום“, איבּז, הנהגות טו״ות, וואַרשע 1897.

2. אָפּרײַסן מיט די ציין. אָ, דעם פֿאָדעם וואָס שלעפּט זיך נאָך. אָ, דעם שפּיץ פֿון ציגאַר. „אַז מען לייגט אַרײַן אַ פֿינגער אין מויל אַרײַן, בײַסט מען אים אָפּ“; ”גיב אַ חזיר איין (דעם) פֿינגער, וועט ער דיר אָ, די גאַנצע האַנט„, שוו. „זאָל ער נישט אָבּ בייַשן מיט זײַנע ציין נייארט מיט איין מעסר זאָל ערשׂ אבּ שנײַדן“, לט 1, מט/ב. „שנײַדן אַדער רײַסן אָדער אָ, פֿון אַ זאַך וואַס איז באַהעפֿט צו דער ערד אָדער... צו ביימער... טאָר מען ניט [אום שבּת]“, טשי I, פֿא. „דער טעם וואָס מע בײַסט אָפּ די עקן פֿון די ציצית מיט די ציין, נישט מיט קיין מעסער, ווײַל... [אין] פּסוק שטייט ,לא תניף עליהם בּרזל'“, מטעמים, פּיעטריקאָוו 1905. [נאָך א

טעם: די צאָל ציצית איז 32, די צאָל ציין איז 32 — און לבֿ איז בגמטריא 32, אַ רמז אריף

אָפּבײַסן

בכל לבבֿך, פֿון קריאת־שמע.] אָ, דעם, פּופּיק — בײַם האָבן אַ קינד אַליין, אָן קיינעמס הילף קרמט אויס איבערצורײַסן מיט די ציין די רער רואָס שפּײַזט דעם וולד.

כאָטש בײַס דאַס הויז (די הײַזער, די קראָם, די פּאָליצעס אע) פֿאַראַן אַ הויז..., אָבער ניטאָ אויף דער הוצאָה. „ניטאַ אויף יום־טובֿ. וראָס זאָל איך פֿון הויז אָ'?„. "ניט געוועזן אויף דער הוצאָה, כאָטש בײַס די הײַזער", מפּ, קא ליקעט

*בײַס דיר (זיר) (בעסער) אָפּ די צ ו נ ג— ברענג עס פֿון מויל ניט אַרויס, זאָג ניט עפּעס שלעכטס, לייג ניט אויס צום שלעכטן. „איידער דו זאָלסט אַזוי ריידן, בײַס דיר בעסער אָפּ די צונג", פֿוול. „ער האַלט שוין גאָר שמאָל, — בײַס דיר אָפּ די צונג". „קלאַפּירן [=קראַפּירן]? — זאָג איך — בײַסט אײַך אָפּ די צונג, פֿאַני", שע, קליינע מענטשעלעך.... "בײַס אָפּ און

שלינג אַראָפּ די צונג", פּוול "איך ווערט מיר
אי דיא צ׳נג זעלבסט אב ביסין... אי דאז איך
וועלט... איינם צו ליד אַדר צו טרוץ
גישריכן זין,,, צוכט ,,איך וואָלט מ י ר פּרִיער
אָפּגעכיסן די צונג איידער צו זאַגן עפּעס וואָס
קען מוסיף זין ווייטיק", גרין'. טאָגבוך
3. עסן (גוט, אַ סך). ,,אוי, האָבן חבֿרה
געשמאַק אָפּגעביסן!". אַ געשעפּט (האַנדל) וואָס
.
מע קען דערבײַ גוט אָ, ׳ גוט פֿאַרדינען. *אָ,
אַ ביינדל = אָפּלעקן אַ ביינדל. גוט פֿאַרדינען.
4. טאָן אַן עוולה, טאָן עפּעס שלעכטס, א
רעה. באַשטראָפֿן. ברענגען שאָדן. געוויינלעך
מיט נ י ט. "שרעק זיך ניט, זיי וועלן דיר קיין
זאַך ניט אָ'". ,,מעגסט גיין אַהין, שעם זיך ניט,
מע וועט דיר ניט אָ',,. ,,וואַס קען עס דיך אַרן
אַז דו וועסט כאפּן אַ קוק? נישקשה, מע וועט
דיך חלילה נישט אָ',,, ממוס, פּריזיוו ,,וואָס
וועלן מיר זיי טאָן? מיר וועלן זיי אָ'ִ", שע,
מאָטל II. *מיר וועלן דיר ניט אָ'׳::::האָב ניט
קיין מורא, מיר וועלן דיר קיין שלעכטס ניט
טאָן. ,,וואָס האָסטו מורא? ער וועט דיר נישט
א שטיקל אָ'", עט, סערקעלע

אָ אַ פֿ י נ ג ע ר — כלומרשט אָדער אויף

,

אַן אמת טאָן עפּעס שלעכטס. „קיין פֿינגער אין
מויל בּאַדאַרף מען אײַך נישט אַרײַנלייגן [—מע
דאַרף עס אײַך ניט אויסטײַטשן, רייד זײַנען
איבּעריק], איר וועט אָ'‟, שע, טביה. „שטעק
אים (יענעם) ניט קיין פֿינגער, ער וועט אים אָ',,,
פֿוול [▯::זײַ אָפּגעהיט, געטרוי אים ניט, פֿאַרלאָז
זיך ניט אויף זײַן יושר]. ‟שטעק ניט קיין
פֿינגער אין מויל (אַרײַן), מע זאָל אים ניט אָ,‟,
שוו אָ, די נ אָ ז (אויך: אַן א ו י ע ר) —
כלומרשט יענעם אָפּטאָן. ניט קענען אָפּטאָן.
„וואַס ועסטו אים טאָןִ אים אָ, די נאָז?,,.
5. אייפֿ אַרן דאָך אומאיידל. פֿאַרגוואַלדיקן.
צורויבּן בּתולימשאַפֿט. בּכלל האָבּן
געשלעכטלעכן פֿאַרקער. ‟אַזאַ יאַט, ער בּאַרימט זיך, ער
האַט זי אָפֿגעבּיסן‟. „וואָס וועט איר הײַנט אָ'יִ‟
[ווש מיט בּ3], קעלנערין אין א פּאַריזער ייִדישן
רעסטאָראַן.

11 ▯ -'1

6. פֿיג, אַנשטאַט אָפּרײַסן. דער ים בּײַסט אָפּ
אַ שטיק יבּשה. אָ, בּעסאַראַבּיע פֿון רומעניע.

מיט ז י ך — “איך וועל זיך אָ, די נאָז —
וועסט האָבן אַ ווײַב אָן אַ נאָז„, פּוול [וועגן אַ
נאַרישער פּרוי וואָס וויל אָפּטאָן א▯ר מאַן].
“האָניק איז זיס, אָבער די פֿינגער קען (דאַרף)
מען זיך ניט אָ”, שוו [▯ מע טאָר ניט ברענגען
קיין קרבן פֿאַר עפּעס וואָס איז ניט
נויטווענדיק]. “די לוים האָבן זיך די עקן פֿון די
פ▯נגער אָב גביסן אַליין”, סהמ, תהלים, קלז, 3.
“בײַס דיך אָפּ די צונג פֿאַר אַזעלכע מיאוסע
רייד”, פּוול ▯אָ, זיך די (נעזער) ▯:זיך
אַרומקריגן, זיך ארומשלאָגן, זיך צעשלאָגן. „ווען
ניט איר דינסט און איר חתן וואָלטן זיי ניט
סונאַנדערגעריסן, וואָלטן זיי זיך די נעזער
אָפּגעביסן”, אמד, זיבען דינסט־מיידכען, ווילנע
1873. „די קינדער מעגן זיך די נעז אָ, און קיין
תּנאָים טאָר מען חלילה ניט צערײַסן”, ייִל
וועלט לוח, אַדעס תּרמ”ג. אָ, זיך די נעזער —
איר, קושן זיך.

־ונג. ־עכ▯ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע)
— „אַ מגיד איז אַן אָ, פֿון די שפּיצן פֿון
געדאַנק, א שפּרינגער איבער די קעפּלעך פֿון
געדאַנק”, ב. ריווקין, א גלויבן פֿאַר
אומגלויביקע ־ערײַ.

אָפּבּייסן — דאָס, ־ס. מיִ. לעצטער מאָל--
צײַט פֿאַר אַ תּענית.
אָפּבּייצן — טרוו בּייץ אָפּ, ~געבּייצט. אויך:
בּייצעו עןּ. אָפּשמירן מיט בּייץ. ,,ווען איר בּייצט אָפּ אַ דעמבּענע בּרעט מיט...
זויערע בּייצן, כלייבּט דער טייל שטענדיק העלער,,, בּער
אָפּבּילד — דאָס & דער, ־ער. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּבּילדן אַ פּינקטלעכער אָ'.
2. בּילד, קאָפּיע. רעפּראָדוקציע. "ער איז ממש אַן אָ, פֿון זײַן טאַטן", רייד (נ"י). 3.
געשטאַלט. ,,און גאָט האָט געפֿאָרעמט דעם מענטשן לויט זײַן געשטאַלט, נאָך זײַן אָ, האָט ער אים געשאַפֿן", דא, ש ווארץ־רויט, וואַרשע
1910. 4. סטאַטוע. סקולפּטור. שניצונג.
געמאָלן בּילד פֿון אַן אָפּגאָט, פֿון אַ געץ. אָ'ער פֿון געטער. ,,אַן אָ, פֿון דער זון מיט פֿיל
אויסשטראַלנדיקע הענט", אַש, משה ,,אַלערליי מיאוסע אָ'ער ווי ס'פֿאָרן זיך בּהמות און חיות,,,
בּאש, דער טן אין גאָרײַ.
5. אָפּשפּיגלרנג. אָפֿשײַן. ,,די לאַנדשאַפֿט איז מערניט ווי אַן אָ', אַן אָפּשפּיגלונג פֿון

דעם מענטשנס שטימונג״, שנ שלוט אַש. ״וואָס
איז זי געוועוען פֿאַר אים אַן אָ, פֿון אַ חלרם״,
צײַט, יעקבֿ פֿראַנק ״יעדע שפּראַר איז דער אָ,,
דער שפּיגל פֿון פֿאָלק, פֿרן לאַנד צווישן וועלכן
און אין וועלכע זי ווערט באַניצט״, בלעטסר,
. No

). (פֿאַרשפּרייטער) אײַנדרוק. (
אײַנגעפּעסטיקע) פֿאָרשטעלונג פֿון אַ מענטשן. אַן
אָ, ביים עולם וואָס איז גינציק פֿאַרן אָנפּירער.
,,דאָס אָ, [פֿון פּרעזידענט] איז ווי פֿון אַ סאָרט

אָפּבילן

טאַטע״, בצג, טמז, 5 1964 II. ,,דאָס
שוידערבילד אָדער אָ, פֿונעם ,מולך, אין 'קראַנקן־
צימער'״, שנ, ה לייוויק
7. אויסמאָלונג אין דמירן. ״און עס פֿלאַטערט
נאָך דײַן אָ, אין מײַן האַרצן״, עק, 'הײַנע'.
״פֿון יענע טעג אָן אייך אַלע מײַנע וועגן גייט
מיר נאָך זײַן אָ, און קומט מיר אַנטקעגן״, הל,
לידסר פֿון גן עדן ,,דײַן אָ, רייניקט אונדזער
הויז״, מק, פּאָעמען, ווילנע 1929, ז, 136.
8. סימבאָל. אַבסטראַקטע פֿאָרשטעלונג. ,,די

דײַטשן האָבן געקאָנט הרגענען, ווי ווילדע
טוען, די אָ'ער פֿרן די שׂונאים, — די ייִדן“,
מוו, היטלערס פּראָפּעסאָרן. 9. יעדער מין
אימאַזש. אַן אָ, פֿון א קלאַנג. אָ, פֿון דעם וואָס
עס דערגייט צך אונדז דורך די חושים.
1O. (אָפּטיק) בילד וואָס שאַפֿט זיך פֿון
ליכטשטראַלן אין אַ שפּיגל אָדער אויף אַן עקראַן
דורך זיך ברעכנדיקע שטראַלן. „עס ברעכן זיך
איכער די שטראַלן... באַקומען מיר אויף דעם
מאַטאָוון גלאָז... אַן אומגעקערטן
פֿאַרקלענערטן אָ, פֿון דער אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירטער זאַך“,
דר, איסעל איבז אָ□ שמײַל, דער מענטש,
ווילנע 1921.
אָפּבילדונג — די, ־ען. 1. בראַ□עס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּבילדן. 2. דזוו אָפּכילד.
“אויך דז פּסל, זײַן אָבבילדונג און, גישסאַלט
האָט ער [קאַליגולא] גישיקט נאָך ירושלים“,
ר, זלמן הענא איבז, צמח דוך, □ □דמ תּנ“ח.
“איך מאָל נישט קיין מענטשן, נאָר זייער אָ,
אין מיר און די אָ'ען זענען זעלטן ענלעך צום
מענטש, איך מיין צום אויסערלעכן פֿון
מענטש“, פּרץ, זכרונות „וועןדי
רענטגענשטראַלן גייען דורך דורכן קערפּער... ווערלכער

געפֿינט זיך צווישן אַפּאַראַט און עקראַן, באַקומט זיך אויף דעם לעצטן אַן אָ"", פֿגעז, ווילנע .No '1929 2

אָפּבילדן — טרוו בילד אָפּ, ~געבילדעט. [דער ווערב אַ סך זעלטענער ווי אָפּבילד(ונג).] אָפּמאָלן, אויסמאָלן עפּעס אָדער גראַווירן, אויסקריצן, אויסשניצן אאזוו, וואָס זאָל זײַן ענלעך צו אַ קאָנקרעטן מוסטער. פֿורעמען, אויסקלעפּן, אויסהאַמערן אע לויט אַ קאָנקרעטער געשטאַלט אָדער פֿאָרמוסטער בכלל. אויסגעשטאַלטיקן. אויסמאָדעלירן. רעפּראָדוצירן. שאַפֿן אַ בילד אין דמיון. מאַכן יעדער מין אָפּבילד. אָ, די נאַטור. אָ אַלטע פֿרעסקעס.

אָ'דיק — אדי אָ'יקע קונסט ווי דער היפּוך צו אַבסטראַקטער קונסט.

מיט ז י ך — אָ, זיך אין אַ שניצערײַ. "האַב איך מיר אַזוי ווײַט פֿאָרגעשטעלט יענע גליקלעכע צײַטן... עס האָט זיך מיר אָפּגעבילדעט דאָס אַלע פֿעלקער האָבן זיך פֿאַראייניקט צו לויבן... דעם האַר פֿון דער וועלט,,, אמד, דער גואל, ווילנע 1866.

אָפּבילן — אוטוו ביל אָפּ, ,געבילט (עלטערע פ י.,,געבולן). 1. ענדיקן בילן. דער הונט

האָט שוין אָפּגעבילט. 2. בילן אַ לענגערע

אָפּבימבלען

צײַט. "נו, קען דען דער הונט גאָר, וואָס בילט
אָפּ צוואַנציק יאָר, זיך כאַפּן צוריק אויף אַן
אַנדער וועג,,, ש. מ אָסטראָווסקי, דער
מאסקעראדין באל, וואַרשע 1884. 3. אָפּזאָגן, אָפּרעדן
אַזוי וו אַ הונט בילט. אָ, באַפּעלן וו אַ
פּעלדי   י
פּעבל. אָ, קללות. מיט ז י ך — ,,דער קעניג
האָט בייזערהייט זיך אָפּגעבילט", אי קיפּניס
איבז, מאַרק טוען, העקלבערי פּין, קיִעוו 1929.
אָפּבימבלען — טרוו ־בל אָפּ, ,געבימבלט.

אָפּקלינגען. אָפּזינגען מיט אומקלאָרע ווערטער
אָדער מיט קלאַנגען בים־באַם. ,,עך, כ'וואָלט
שוין גיכער אָסגעבימבלט די שלימזלדיקע
מעסע,,, אובז, דער בראווער טאָלדאט שווייק,
כאַרקאָוו 1931.
אָפּבימסן — טרוו. בימס אָפּ, ~געבימסט. פּפּ
~ פּימסן. אָפּשײַערן, אָפּרייַניקן, גלאַט מאַכן
מיטן פּראָשיק בימס, פּימס. אָ, די קרעלן
איידער מע ציט זיי אַרויף אויפֿן שנירל.

אָפּבּינדן — טרוו. בּינד אָפּ, ~געבּונדן. 1.
באַפֿרייען פֿון זיין געבּונדן. היפֿוך פֿון: פֿאַרבּינדן,
אָנבּינדן, צובּינדן. לויז מאַכן. אָפּטשעפּען.
אַראָפּנעמען שטריק, פּענטעס, בּענדער, קייטן
אע. „דא וואַרד עמלק ואָלק דר שלאָגן אויבר
אַל. אבּ בּונדן זיא איריא העלם“, שמואל־בּוך,
סטראָפֿע 781. „אַז דו... וועסט אים [דעם לייבּ,
וואָס די צונג ווערט צוגעגליכן צו אים] אָ,,
וועט ער דיך אויפֿעסן“, משה בּר, נתן נטע
איבּז, שבֿט מוסר, סודלקאָוו תּקצ"ג. „איז ער
אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הויף, האָט אָפּגעבּונדן
פֿון קייט אַ גרויסן הונט,,, יוסף דער יתום,
נעתק ע"י רי,,א מ"ס, ווילנע 1865. „פֿאַר זייערע
אויגן האָט ער [יוסף] שמעון צוגעבּונדן, אָבּער
אַז ויי זײַנען אַוועקגעגאַנגען האָט ער אים
אָפּגעבּונדן“, נצ2, מח/ב. "אויבּ מע קויפֿט אַ בּינטל
ציבּעלע אָדער קנאָבּל, זאָל מען ניט
אַרויסציִען אַ ציבּעלע אָדער א קנאָבּל פֿון בּונד און
עסן, נײַערט מ'דאַרף פֿריִער אָ',,, דרך הישרים,
[קעניגסבּערג] 1857.
2. דז פֿיג „לויז צו מאַכן די בּענדער פֿון
שלעכטס, אַ, די בּענדער פֿון יאָך און לויז צו
מאַכן די געדריקטע פֿרײַ“, מבם, הוגה דעות II,
ווילנע 1912 [איבּז פֿון ישעיה, נח, 6. תּי „...אָ,

די בינדשטריק פֿון יאָך און אַרויסלאָזן פֿרײַ

די גערדריקטע״]. *אָ, דעם הונט פֿון דער קייט =

אָפּלאָזן כּוחות וואָס קענען טאָן שלעכטס.

3. אַנטווײנען. אויפֿהערן זייגן אַ קינד. אָ,

דאָס קינד (פֿון דער ברוסט).

4. העלפֿן אַ בהמה בײַם האָבן אַ קאַלב.

5 פֿאַרבינדן. נר [איבערן פּלאָנטער צווישן

.

אָ פּ און אָ ן].

מיט ז י ך — 1. זיך אַליין אָ, אָדער פֿון זיך

אָפּגעבונדן ווערן. „באַדאַרף דער מענטש זײַן

פֿולקום פֿרײַ וו אַ פֿויגל, אָפּגעבונדן זיך און

י

אַוועקגעפֿלויגן״, ר אדעלהייס, דער פּאַסאַזשיר,

וואַרשע 1914. ״דער רעליגיעזער גאַרטל איז

אַזאַ שטײַפֿער... כּמעט אָן מעגלעכקייט זיך

אָפּצובינדן״, לע, טמז, 2 .20 X 1963. (וועגן

1712

בעלי־חיים) געבערן, אָפּהאָבן. ״די קו האָט זיך

אָפּגעבונדן״. 3. זיך אָפּטשעפּען, לאָזן צו רו.

„בינד זיך אָפּ פֿ ו ן מיר — לאָז מיך צו רר״.

4. באַפֿרײַען זיך. אָ, זיך פֿ ו ן אַן אָפּמאַך.

—ונג. ־עכ□ן. ־עניש.

אָפּבין־הזמנעווען — [... בײַנהאַזמאַנ...]
אוטוו ־נעווע אָפּ, ~(גע)בין־הזמנעוועט.
דורכלעבן, פֿאַרברענגען די צײַט פֿון בין־הזמנים.
“אַהיים פֿאָרן האָב איך שוין ניט געקאָנט. האָב
א□ך אָפּבין־הזמנעוועט אין דער כמעט ליידיקער
ישיבֿה„„ (ווילקאָמיר, ליטע).

אָסבּיס — דער, ־ן. רעזולטאַט פֿון אָפּבײַסן.
אַ גרויסער אָ, פֿון עפּל. פֿרגל אָפּכּײַס.

אָפּבירבענען — אוטוו. לאָקל. לר.: □ □ □ <
i□b□i□ו. פֿע אָ אָפּוויינען.
ו

אָפּבכיהן — [... בעכיען] אוטוו בכיה אָפּ,
~געבכיהט. (מיט ביטול) אָפּוויינען,
פֿאַרענדיקן בכיהן. בכיהן אַ לענגערע צײַט.

אָפּבלאַגעווען — אוטוו & טרוו. ־געווע אָפּ,
~געכלאַגעוועט. □a□blagov: □<. פּר.
אָפּליגנערן. זיך באַרימען מיט אויסטראַכטענישן.
אָפּבלאָפֿן. אָ, מיט מעשׂיות נישט־געשטויגן,
נישטגעפֿלויגן. אָ, אַ פּראָווינצער ייִד.

אָפּבלאָז — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿרן אָפּבלאָזן.

אָפּבלאָזן — בלאָז אָפּ, ׳.,געבלאָזן, ~
געבלאָזט (פּד) 1. אקוזוו ענדיקן בלאָזן,
פֿאַרטיק ווערן מיטן בלאָזן. אָ, שופֿר. אָ, זאָרע.
,,מע האָט שוין אָפּגעבלאָזן שופֿר, מעג מען
שוין נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן“. 2. אַקוזוו
& אוטוו בלאָזן אַ לענגערע צײַט. ,,דער ווינט
האָט אָםגעבלאָזן פֿרן אינדערפֿרי ביז שפּעט
בײַנאַכט“. אַ (קײַן) ווינט האָט ניט באַוויזן
.
אָפּצוכלאָזן... ׳:::עס איז אַוועק זייער אַ קורצע
צײַט.
3. טרוו & אקוזוו אַראָפּבלאָזן, אַוועקבלאָזן.
אָפֿשטויבן. אָ, שוים פֿון ביר. אָ, די פּלעווקע
פֿון מילך. דער ווינט וועט אָ, די פּאַפּירלעך.
*אָ, דאָס אָ ר ט ׳: אָפּרייניקן דאָס אָרט צום
זיצן פֿאַר אַ חשובֿן גאַסט. טײַער האַלטן,
אָפּגעבן כּבֿוד דורך אָפּהיטן עס זאָל קיין
שטויבעלע זיך ניט צוקלעפּן. ,,דער זעצט אים דאָ,
דער זעצט אים [דעם גבֿיר] דאָרט אַרן יעדערער
בלאָזט אים אָפּ דאָס אָרט“, צ ה האָרנשטיין
כּינור הצבי, באַרדיטשעוו תּרנ“א. “זי האַט זי
פֿאַרגעטערט, ניט געלאָזט ז אַליין מאַכן קיין
—— ׳

צוויי טריט, אָפּגעבלאָזן איר דאָס אָרט‘‘, סמב
4. טרוו אָפּרייניקן, ארונטערבלאָזן. ‘‘כאַפּט
ער אַרויס... דעם דימענט... בלאָזט אים אָפּ
און הייבט אָן ווײַזן ווי צך שנײַדן גלאָז‘‘,
ה דאָבין, צווישנ בינשטאָק[, מאָסקווע 1941.
5. טרוו אָפֿקילן דורכן בלאָזן. ,,עס איז צר
הייס צו טרינקען. כלאָז עס אָפּ,,.
6. אקוזוו. מיטן בלאָזן כלומרשט לינדערן אַ
ווייטיק, באַרואיקן, פֿאַררײדן. ,,מײַן קינד,
האָסט זיך וויי געטאָן דײַן פֿינגערל, קום אַהער,

אָפּבלאַנק

איך וועל דיר אָ',,. ‘‘שטיל־שווײַגנדיקע טאָטערן
וועלכע האָבן געהיילט... מיט קרײַטעכצער,
מיט אָ'‘‘, נט, משפחה מאַשבער II, נ,,י 1948.
אָ, (פֿון) ש ר ע ק ⃞: מיט ליבשאַפֿט בלאָזן מיטן
מויל אויף די אויגן. ,,זי האָט זיך
אומזיסטאומנישט דערשראָקן, מע דאַרף אָ',,. אַזוי אויך:
אָ, אַן ע י ן ־ ה ר ע. 7. אוטוו מיטן מאַכן
אַ באַוועגונג אַזוי ווי אָפּשטויסן פֿון זיך. פֿיג.
אָפּשיידן ז⃞ך פֿון עפּעס שלעכטס. ,,אַז יענע
שעלט, עפֿנט איר פֿאַרפֿוילט מויל — בלאָז איך
נאָר אָפּ מיט די הענט און ענטפֿער ניט קיין

וואָרט,,. ,,זי האָט מיך פֿאַר גאָרנישט אַ ביסל געפּלוכט און געשאָלטן; (בלאָזט אָפּ אויף דעם מלמד מיט ביידע הענט)“, גענאַרטע וועלט, 1815.

8. טרוו פֿאַרענדיקן שפּילן אויף אַ בלאָז.

אינסטרומענט. אָ, אַ מאַרש.

מיט ז י ך — 1. זיך ניט בלאָזן מער, זיך מער ניט גרויסהאַלטן. 2. אָפּקילן זיך דורך פֿאָכען אויף זיך מיט הענט (מיט אַ פֿעכער). “אַז ער גייט, שטעלט ער זיך אָפּט אָפּ אויפֿן וועג אַרן בלאָזט זוך אָפּ אַ ביסל,,, שע, יוגענד ראָמאַנען “אָפּגעווישט זיך דעם שווייס, אָפּגעפֿאָכעט זיך און אָפּגעבלאָזן — און אַוועק ווײַטער“, דפּ, די יודישע ארבײַטער יוגענד, לעמבערג 2 9)19, No. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אָפּבלאַטן — טרוו בלאַט אָפּ, ~געבלאַט. אויך: ־ירן, ־עווען. מאַכן עמעצן בלאַט. אדנטערקויפֿן (אַ באַאַמטן). אָפּקויפֿן מיט געלט און אַריבערציִען אויפֿן אייגענעם צד. ,,אויף אַ זייער קלוגן און פֿאָרזיכטיקן אופֿן... איז אים געלונגען אָפּצובלאַטן [דעם שעף פֿון שטײַער־אַמט]“, ש איריס, אָט אַזוי האָט מען

געש▯ילט טעאַטער ב,,א 1956. ־ירדנג.

אָפּבלאָטשען — טרוו ־טשע אָפּ, ~

געבלאָטשעט. פּר. ▯ 1. <▯ ▯ ▯ bloei. אָפּרייניקן פֿון בלאָטע, אָ, די פּאָדלאָגע, די בריק. 2. אויך: אָנבלאָטיקן.

אָפּבלאָמבירן — טרוו ־ביר אָפּ, ~(גע) בלאָמבירט. פּפּ: ~פּלאָמבירן. 1. פֿאַרענדיקן אַרויפֿלייגן בלאָמבעס. אָ, די קאָנפֿיסקירטע פּעק סחורה. 2. אַרונטערנעמען, אַוועקנעמען אַ בלאָמבע. אָ, די פֿאַרבלאָמבירטע וואַגאָנען. ־ונג.

אָסבלאָנד זשען — אוטוו ־דזשע אָפּ, ~ געבלאָנדזשעט. פּפּ. ־ז(י)ען. 1. ענדיקן בלאָנדזשען. מער ניט בלאָנדזשען. 2. בלאָנדזשען א לענגערע צייט. ,,אין איין סעקונדע קאָן מען אין גראָען גאָרנישט־מיט־גאָרנישט אָ, אַ וועלט,,, פּרץ, 'לכּבֿוד חנוכּה'. אָ, אין דער וועלט פֿון אידייען. ‘‘אָפּגעבלאָנדזעט אַזוי דעם טאָג... איבער די אומגעוואַלגערטע ביימער‘‘, ה אָרלאַנד, הרעבליעס, כאַרקאָוו 1931 ־עניש.

.

אָפּבלאַנק — דער, ־ען. אַקט פֿון אָפּבלאַנקען. אָפּשיין. אָפּגלאַנץ פֿון אַ בלאַנקער פֿלאַך. אָפּשפּיגלונג פֿון שטראַלן פֿון אַן

אָפּגעפּאָפּבּלאַנק ען

לירטער פֿלאַך. אָ, פֿון בּלעך, ויאַסער, גלאָז

□ □ □ □ך

אָסבּלאַנק ען — בּלאַנק אָפּ, ~געבּלאַנקט. פּפּ:
־ירן. אוטוו — 1. אויפֿהערן זײַן בּלאַנק,
ווערן ווײיניקער בּלאַנק. אָ'ירן ווי רויטע שטאָפֿן
אונטער דער זון. „זײַן דיכטונג בּלאַנקירט אָפּ„.
2. ווערן בּלאַנק, מער ווי פֿריִער. „דאָס בּלוט...
האָט... אָפּגעבּלאַנקט אין ווידערשײַן פֿרן
פֿליסנדיקן לאַמטערן־ליכט“, עוזר וואַרשאַווסקי,
כאַליאַסטרע, פּאַריז 1924, ז, 65. 3. אָפּבּליאַסקען.
אָפֿשלאָגן שײַן. די ווײַסקייט פֿון טישטעך
בּלאַנקט אָפּ.
טרוו — 1. מאַכן עס זאָל זײַן בּלאַנק,
גלאַנציק. אָפּפּאָלירן. אָ, אַ בּלאַט פֿון אַ טיש.
2. מאַכן עס זאָל ווערן ווײיניקער בּלאַנק. דזוו
אָפּבּליאַקעווען ←. ־ונג. ~בּלאַנקירט —
אדי. אָ.ע מעבּל ־ירקייט.

□

אָפּבּלאַסן — טרוו. בּלאַס אָפּ, ~געבּלאַסט.
בּלאַס(ער) מאַכן. אָפּבּלייכן. אָ, די צו כּולטע
בּלויע פֿאַרבּ. מיט ז י ך — ווערן בּלאַס,

פֿאַרלירן דעם לכתחילהדיקן קאָליר. אָ, זיך פֿון זון און פֿון רעגן.

אָפּבלאָפֿן — טרוו בלאָף אָפּ, □ ,געבלאָפֿט. אַמ. [אריך אין כלל־שפּראַך]. 1. אָפּנאַרן, באַשווינדלען. פֿאַרפֿירן. „ער האָט זיי אָפּגעבלאָפֿט, פֿאַרקויפֿט פֿאַרלעגענע סחורה„. 2. בלאָפֿן אַ לענגערע צײַט. ער האָט אָפּגעבלאָפֿט אַ לעבנלאַנג.

אָפּבלאַקירן — ־קיר אָפּ, □ ,געבלאַקירט. פּפּ:

□ י.,בליאַקירן. פֿרגל אָפּבל(י)אַקעווען. אוטוו — 1. פֿאַרלירן די פֿאַרב, דעם פֿריִערדיקן קאָליר, דעם גלאַנץ. „די קאָלירן האָבן שוין אָפּבלאַקירט, מע דאַרף איבערפֿאַרבן“. „זײַן אויגנגלאַנץ וועט קיינמאָל אָ, פֿאַר מײַנע בליקן„, אמד, דער הויז לעהרער, ווילנע 1872. 2. פֿאַרלירן פֿריִערדיקע שיינקייט, פֿרישקייט, אַמאָליקן פּרעסטיזש. זײַן נאָמען האַלט שוין אין אָ'. „איר געזיכט... האָט יעצט מיט איר אָ, זייער פֿיל געשאַט צום געשעפֿט“, אמד, דער שנאָרער, ווילנע 1866. „זי איז געווען אַמאָל אַ שיינע, אָבער איר שיינקייט האָט אָפּבלאַקירט“, באַש, פֿאָר, 23 XI 1962.

טרוו — מאַכן עס זאָל פֿאַרלירן די פֿאַרב,

די פֿרישקייט אע. „די זון האָט אָפּבלאַקירט דאָס גאַנצע מעבל“. “צו פֿיל טרערן און צו פֿיל תּענוגים בל(י)אַקירן אָפּ“, שוו אויך מיט ז י ך.
־ונג. ־עניש.

בלאַקירט — אדי. „אַ פּאָפּוגײַ — די ,פֿעדערן א געמיש פֿון אָ'ן געל, אָ'ן גרין אדן נאָך אָ'ע פֿאַרבן“, באש, פּאָר, 28 1967 I.
־ערה יט. ־קייט.

אָפּבלוטיקן — ־טיק אָפּ, ~געבלרטיקט.
אוטוו — 1. אויפֿהערן בלוטיקן. מער ניט בלוטיקן. 2. בלוטיקן אַ לענגערע צײַט. פֿאַרלירן א סך בלוט. אָ, ווי אַ פֿאַרגעסענער אויפֿן שלאַכטפֿעלד. „די וואונד האָט אָפּגעבלוטיקט

1713

אַ גאַנצן טאָג“. 3. באַצאָלן מיט כלוט. אויסקרענקען. „פֿאַר דער עוולה וועט ער אָ',,. אָ, אַ לעבן־לאַנג פֿאַר קינדער. 4. אָנווערן געלט. פֿאַרלירן אין אַ מסחר פֿון דעם געשעפֿט האָב

. „
איך אָפּגעכלוטיקט“.
טרוו — 1. מאַכן דאָס בלוט זאָל אָפּרינען,

עס זאָל מער קיין בלוט ניט בלײַבן. אויסצאַפּן בלוט. אויפֿהענגען אַ זײַטל פֿלייש, עס זאָל אָ'.
,,האָסט מיך אָפּגעבלוטיקט ווי דער ערגסטער שׂונא,,. 2. אָפּרינען צוזאַמען מיטן בלוט.
,,די קופּע [הרוגים] בלוטיקט [פֿון] באַרג סיני אָפּ דין צען געבאָטן״, פּמ, די קופּע, וואַרשע 1921. ־דנ􏰀.
אָסבלויען — טרוו בלרי אָ􏰀, 􏰀י'געבלויט. פּפּ:
􏰀י־,בלאָען, ~בלוען, ~בלאָוון. 1.
אָפּפֿאַרבן מיט בלויער פֿאַרב. אָ, די ווענט. אָ, אויף דער מאַפּע דעם שטח וואָס מדינת־ישׂואל פֿאַרנעמט. 2. מאַכן עס זאָל זײַן אַ ביסל בלוילעך. אַרײַנלייגן בלויעכץ (סינקע, בלוילעס) און אָ, ועש.
אָפּבלי — דער, ־עז. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּבליִען ←.
אָפּבליאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּבל􏰀ען ←. סרף פֿון בליִען. ,,צו דער צײַט פֿון דער אָ, פֿון דער פֿרוי, ווען עס הערט אויף די פּעריאָדישע בלוטונג,,, פֿגעז, ווילנע 1938, No 11.
אָפּבל אַסקען — ־קע אָפּ, ~געב􏰀 אַסקעט.
י 􏰀י י

אויסטאָו — 1. אָפּשײַנען. אָפּגלאַנצן. „די פֿיש אין טײַך האָבן מיט גאָלד און זילבער

אָפּגעבליאָסקעט“. נס איבן, אַנדערסענס מעשהלאַך, קיִעוו

1920. 2. אויפֿהערן בליאַסקען, גלאַנצן.
3. בל אַסקען, גלאַנצן אַ לענגערע צײַט.

י

טרוו — מאַכן עס זאָל ווערן א בל אַסק, א

י

גלאַנץ. אָפּשײַערן, עס זאָל בליאסקען, עס זאָל אָפּשפּיגלען, אָפּגלאַנצן. אָ, די שטיוול, דעם סאַמאָוואַר. מיט ז י ך — “די זונשטראַלן האָבן זיך אָפּגעבליאַסקעט פֿון קעגנאיבערדיקן פֿענצטער“. עניש.
אָפּבל(י)אַקעווען — אויסטאָו & טרוו ־קעווע

.

אָפּ, ~געבל(י)אַקעוועט. 1. מאַכן עס זאָל ווייניקער גלאַנצן. מאַכן פֿאַרווישט דעם קאָליר. „פֿון זדן און ווינט איז דער שוואַרצער אַטלעס פֿון טשיפּיק אָפּגעבליאַקעוועט און גרין געוואָרן„, אַש, תהילים־ייִד. „די פֿרישע פֿאַרבן פֿון זייער יוגנט נעמט אָ'“, דא, פֿון בערלין ביז סאַן־פֿראַנציסקאָ. 2. (אונטערוועלט) אַנטלויפֿן.

ניט ווערן. אריסרינען. 3. אָנהייבן בל(י)
אַקעווען, גלאַנצן. נר. „אַ פֿעל פֿון אַ חיה וואָס האָט
ערשט ניט לאַנג אָפּגעבליאַקעוועט און באַקומען
אַ נײַע שיינע ווינטערדיקע פֿעל“, בלעטער,
No 7. פֿרגל אָפּבלאַקירן.

אָפּבליטשן — טרוו בליטש אָפּ, ~געבליטשט.
אַמ bleaeh: <. [. ליכטיקער מאַכן,
בלאָנד מאַכן. אָ, די האָר. 2. צוגעבן בײַם
וואַשן כלאָר, ווײַסער צו מאַכן וועש. אָ, וועש.

אָפּבליען

.

אָפּבלייבן — אוטוו. בלײַב אָפּ, ב י ן י־,גע
-
בליבן. 1. פֿאַרבלײַבן אַ לענגערע צײַט. „דער
גאַסט איז אָפּגעבליבן אַ גאַנצע וואָך“. 2.
צוריקבלײַבן, בלײַבן פֿון הינטן. אָפּשטיין פֿון
דער מחנה. „ווען דער שבֿט ראובֿן און גד
און דער האַלבער שבֿט מנשה האָבן געוואָלט
אָ, אויף דער זײַט ירדן.....„ ירמיה יוסף
יאַקאָבזאָהן, המאיר לארץ, מינעאַפּאָליס 1900.
3. בלײַבן פֿונדערווײַטנס, אַוועקשטיין. „אלז
דען ראהט ער איצונד דאשׂ זיך די לײַט פֿון
דיא וועלט אירי גיצעלטיר אב טאָן זאָלין און,

ווײַטער דער פֿון אבֿ בלײַבֿין“, בֿע, יג/ב.

„איינמאָל זײַנען געגאַנגען קינדער אין וואַלד קלײַבֿן שוועמלעך. איינע אַ מיידעלע איז פֿון די קינדער אָפּגעבֿליבֿן“, פֿמ

4. איבֿערבֿלײַבֿן, נאָכבֿלײַבֿן. בֿלײַבֿן ווי אַ רעשטל פֿון עפֿעס. אָ, עפּעס פֿון פּראָוויאַנט. אָ, איינער פֿון אַ גאַנצער משפּחה. „האָט אים פֿאַרדראָסן אַז סע בֿלײַבֿט אָפּ גאָלד“, פֿמ,

־עכ󠀠ן. ־עניש.

אָפּבֿלייזן — טרוו בֿלייז אָפּ, ~געבֿלייזט.

אָפּדעקן. אַרויסשטעלן נאַקעט. „די מאָדע פֿון אָ, די קני“, רייד (נ„י 1968).

אָפּבֿלייכן — בֿלייך אָפּ, ־י־,געבֿלייכט. טרוו —

בֿלייך מאַכן. אַרויסציִען די פֿר ערדיקע פֿאַרבֿ. “די שטאַרקע זון זומערצײַט בֿלייכט אָפּ די קליידער“. „אומזיסט דאָס לעבֿן אָפּגעבֿלייכט, איך האָבֿ דאָס גאָלד דאָך ניט דערגרייכט“, אר, 'איך האָבֿ אין לעבֿן...'.

אוטוו — ווערן בֿלייכער. פֿאַרלירן די פֿאַרבֿ, די פֿרישקייט, ווײַסער ווערן, אָן אַ בֿולטן קאָליר. „מיט דער צײַט בֿלייכט אַלץ אָפּ: סײַ מענטשן, סײַ זאַכן“. מיט ז י ך. ־ונג — „דאָס ניט אַרויפֿקומען אויפֿן זכּרון... קאָן

(ניט שטענדיק) ברענגען צו דער נאַטירלעכער
אָ, פֿון פֿר ערדיקע אײַנדרוקן“, פראָפּ, פּ.
ש יאורסאָן, די קאטאסטראָפֿאלע צ ־טן און[די
וואַקסנדיקע דורות, בערלין.
אָפּבל ען — אוטוו. בל אָפּ, ~געבליט.
י
1. אויפֿהערן בליִען. מער ניט בליִען. פֿאַרלירן
די בלומען (בײַ געוויקסן). אָ, און צוריק
אויפבליִען. „ווען דער ראַנונקל בליט אָפּ, פֿאַרוועלקן
בײַ אים דער בעכער, דאָס קרוינדל און פֿאַלן
אָ[“, א גאָלאָמב איבז, ג באָטש, געוויקסן,
ודאַרשע 1920. „ס'האַט דאַן געהאַט שוין
אָפגעבליט דער רדיטער מאָן“, א ש ומיאטשער,
אין שעהען פֿון ליבשאפֿט. „דאָ בליִען שוין אָפּ
ד אַפּעלסינען און דאָרט האָט פֿרילינג זיך
י
אָקערשט צעבליט“, סעג, איצטער, נ„י 1948, ז,
179. „(התאנה חנטה) דער שלעכטער פֿײַגנבוים
האָט שוין אָפּגעבליט, דאָס הייסט דער
פֿושעישׂראל איז פֿול מיט עבֿירות“, איבז, הרבֿ א ל.
בראנדיס, ספֿר שיח ספֿונים, אַס 1843.
י
2. אָנווערן פֿרישקייט, יוגנט. אָנווערן בוחות,

פֿעאיקייטן. „הערשעלעס יוגנט איז פֿאַרגאַנגען געשווינד. אָפּגעכּליט גיך און ער איז קינדוויַיז נאָך געוואָרן אַ קליין ייִדל„, ממוס, ווינטשפֿ.

אָפּבלי□ן

3. אָנווערן דעם גלאַנץ, דעם אָנזען, די גרויסקייט. „פֿוילן האָט אין דער לעצטער תּקופֿה ארויסגעגעבן די טאַלאַנטפֿולסטע י□דישע פּראָזאַאיקערס, אָבער 'פוילן — פסקנט אָפּ בעלמחשבֿות — בּליט אָפּ'“, שנ, קריטיק און קריטיקער 4. ווידער, צוריק נעמען בּליִען. די בּלעטער אין וואַזאָן כליִען ווידער אָפּ.

אָ□פּבליץ — דער, ־ן. שײַן (דוי) פֿון א בּליץ.

פֿלוצעמדיקער אויס□טראל. “אַן דער גדלדת פֿון אַ משיח־פֿרעטענדענט, האַט דער בעל־שם דאַך געטראַגן אין זיך א ניצוץ. אַן אַ, פֿרן משיחן“, בּ ריוו□]ין, גרונט־טענדע□צן...

אָםבּליצן — □□וסוו בּליץ אַפּ, ~געבּליצט.

1. ענדיקן בּלי□ן, מער ניט בּליצן. 2. בּליצן אַ לענגערע צײַט. אָ אַ גאַנצע נאַכט. 3. אויך

,

פֿיג פֿאַרלירן דעם גלאַנץ, אויפֿהערן צו

דערשטוינען. „ער האָט שוין אָפּגעבליצט און האַלט שוין סקאַרבאָווע דרשות“. 4. מיטאַמאָל אַ שײַן טאָן, אַ פֿינקל טאָן. „מיטאַמאָל בליצט אָפּ אַ שאַרפֿער שײַן פֿון זײַן אויג“, א פֿרומקין איבז, ר. ראָקער, זעקס כאַראַקטערן, נ"י 1929.

אָ, מיט אַ געדאַנק — פּלוצעם אומגעריכט אַרויסזאָגן אַ טיפֿן, שיין־פֿאָרמולירטן געדאַנק.

מיט ז י ך — אין קאָפּ (האַרץ) בליצט זיך אָפּ די האָפֿענונג.

אָבבּיק — דער, ־ן. נר 1. געניצט אַנשטאָט דעם ריכטיקן וואָרט אָנבליק. "אַ טרוקענע, דאַרע, אַ ביינעריקע ייִדענע, דואָס האָט געכאַפּט דעם אָ, פֿון אַ דאַרער, אויסגעהאָרעוועטער קליאַטשע", שע, בלאָודזע דע שטערן I. „די ראַיעלע מעשׂה... כאַפּט טאַקע דעם אַ, פֿון אַן אַנעקדאָט“, שע, 'איבער אַ היטל'. 2. שײַן. אָפֿשפּיגלונג. "צעויאַרפֿענע פֿײַערלעך האָבן געוואַרפֿן אַ שוואַכן אָ, אויף די שטום־געפֿלאָכטענע רושטאָוואַניעס", ליטקאָמיוג, זב, קיִעוו 1933.

אָפּבלישטשען — א וטוו & טרוו ־שטשע אָפּ, ,געבלישטשעט. אָפּשײַנען, אָפּגלאַנצן. אָפשפּיגלען. אָפּבלישטש — דער. —עניש.

אָטבלעזלען (זיך) — אוטוו ־זל (זיך) אָפּ,

(זיך) ~געבלעזלט. 1. אויפֿהערן אַרויסגעבּן
בלעזלעך. אויסרועפּן זיך. דער סיפֿאָן סעלצער
(־וואַסער) האָט זיך אָפּגעבלעזלט און מע קען
עס ניט טרינקען. 2. דזוו אָפּבלאָזן (זיך), נאָר
מיט קליינע בלעזעלעך. —עניש.
אָפּבלעטערן — אוטוו ־ער אָפּ, ~
געבלעטערט. פֿאַרלירן די בלעטער. ״ס'איז
נאָוועמבער, דער וואַלד האָט שוין אָפּגעבלעטערט,,.
אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אָסבלענדן — טרוו בלענד אָפּ, ׳.־,געבלענדט.
1. אויפֿהערן בלענדן. ״אירע אַמאָל פֿײַערדיקע
אויגן האָבן שוין אָפּגעבלענדט,,. 2.
פֿאַרשטעלו, פֿאַרהענגען ליכט, עס זאָל ניט בלענדן.
,,דרייט אויס אָדער בלענדט אָפּ ווי ס'געהער
צו זיין אַלע ליכט״, מוו, ייִשפּ, I, ז, 166.
3. פֿארבלענדן די אויגן פֿון שטאַרקן ליכט.
,,׳ן עקראַן... קען אָ, אדיגן״, נ טווערדלין,

1׳14

סמז, 4 .7 XII 1961. בלינד מאַכן. אָ, די אויגן
מיטן לייענען טאָג און נאַכט. ,,אויף די
פּאַסקודסטווע ליגט מען דאָס אָפּ און מע בלענדט

אָפּ די אדיגן שעהן־לאַנג“, סויבּע סעגאל, עולס

המע ה, וואַרשע 1883 ־ונג ־ עניש.

אָפּבּלעקעכצן — טרוו ־עכץ אָפּ, ...,

געבּלע.

קעכצט. פּפּ. ~בּלעקערצן. 1. אָפּזינגען

מיט א מיאוסער שטים וואָס רײַסט די אויערן.

2. ספּעצ. אָפּזינגען קלויסטער־ניגונים. “דער גלח

ורעט אַ, און פֿאַרשאַרן דעם גוי אויפֿן צווינטער“,

ייִמ, טאָג, 1961 II י 1. ־עניש.

אָסבּעבּען — טרוו ־בּע אָפּ, ~געבּעבּעט.

אַרויסזאָגן, אַמזאָגן (עטלעכע) ווערטער מיט

מאַטערניש, אומקלאָר. אָ, אַ פֿוילן תּירוץ.

פֿאַרשעמטערהייט אָ, די בקשה. ־עכ ן. ־עניש.

אָסבּעזעמען — טרוו ־עם אָפּ, .—,געבּעזעמט.

1. ענדיקן שלאָגן, שמײַסן מיט אַ בּעזעם. אָ,

די פּליי עס אויף דער אייבּערשטער פֿאָל אין

בּאָד. 2. בעזעמען א לענגערע צײַט. 3.

אָפּזידלען, דערנידעריקן. 4. אָפּנאַרן. „ער האָט

אונדז אַלעמען געפֿירט אין בּאָד... און גוט

אָפּגעבּעןעמט,,, שע, 'יקנה“ז, —ונג.

אָפּבּעטלען — אוטוו ־טל אָפּ, ּ..,,געבּעטלט.
1. אַ לענגערע צײַט בּעטלען, שנאָרען. אָ אַ
,
לעבּן־לאַנג און איבּערלאָזן א גרויס פֿאַרמעגן
פֿאַר.... 2. אויפֿהערן בּעטלען.
אָפּבּעטן — טרוו בּעט אַפּ, ~געבּעטן. 1.
פּועלן עפּעס דורך בּעטן. אָפּשרײַען אַ גזירה.
,,ווי אופֿט הון איך דיך אבּ גיבּעטן בֿון
מקאַבּרון, ער היט דיך זונשׂט לענגשׂט גיהאַנגן‘‘,
בּבא בוך, 377. ,,איך האַבּ די מאָסקאָוויטער
נעכטן אָפּגעבּעטן אַז זיי זאָלן בּיז אויף דער
נאַ ט ו אַרטן‘‘, יאַ, ערשטער יודישער רעקרוט

,,געפֿאַלן צו די פֿיס... דאָס ער זאָל איר מאַן
נאָך לאָזן [לעבּן] און האָט אים אָפּגעבּעטן...
האַלבּ טויט‘‘, אמד, מלכּה והדסה, לעמבּערג
5 18. ‘‘צי וועט זיי זייער געלט העלפֿן... אַז
דער מלאך־המות זאָל פֿון זיי אַנטלויפֿן, אָדער
זײַן ווײַבּ און קינדער וועלן אים אָ'?‘‘, יהושע
רובּינציק ממינסק, משל וחידה, ווילנע 1865.
‘‘איך פֿאַרוואַרף פֿאַר איר אַ גוט וואָרט, בּעט זי
ווי עס איז אָפּ, מע זאָל זי אַזוי מיאוס ניט
בּאַהאַנדלען‘‘, ממום, ליאַטשע ,,אַ ראַש־הקהל

... אַ שטיקל קרובֿ למלכות קאָן אַמאָל אַ ייִדן
אַ טובֿה טאָן, אַ', עפּעס פֿאַרשמירן", פּרץ,
'שטעט און שטעטלעך..

2. בעטן מחילה. פֿרפֿוון זיך איבערבעטן. „אַ
ווײַלע שטייט ער אַקעגן רחמיאלן... רײַבט
די הענט... און האָט ניט קיין לשון, געפֿינט
ניט קיין ווערטער אָפּצובעטן רחמיאלן", בערג,
באַס דניעפּער I. 3. אויפֿמאָנען עפּעס דורך
בעטן. צוריקקריגן. בעטן צוריק. אַ, דעם חובֿ.
אָ, דאָס אויסגעליִענע בוך.

4. אָפּדאַוונען, ענדיקן תּפֿילה טאָן. "און אַז
ער האָט אַפּגעבעטן, האָט ער אַרויסגענומען
זײַן קליין פּײַפֿעלע און... שיין געשפּילט

אָפּבענטשן

דעם ניגון וואָס די לורים זינגען אין
ביתהמקדש„, נאמד , הנסיון, ורילנע 56 1.
מיט ז י ך — „ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע
אויגן און האָט דערזען שטיין נעבן אים אַ
זעלנער מיט אַ שפּיז אין דער האַנט און וויל אים
שטעכן, האָט ער זיך אָפּגעבענטשן בײַ אים", י„ב
מונק, שארית ישׂראל, וואַרשע 1865. „ער האַט
מיר געוואָלט דערלאַנגען אין פּאָליציע, נאָר איך

האָב זיך קוים אָפּגעבעטן‘‘, י ד טאָיב, דער קדיש..., ווילנע, תרמ‘‘ט. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (—ין, קע). ־ערײַ.

אָסבעטן — טרוו. בעט אָפּ, ~געבעט. 1. צוגרייטן בעטן צום שלאָפֿן. ‘‘אַזאַ מין יהי־רצון האָט זיך געהערט פֿון זײַן מויל בײַם אָ, י געלעגערס פֿאַר די אורחים, יעדן אַ שטרויקישעלע צוקאָפּנס מיט אַן אַלט מלבוש צוצודעקן‘‘, ספֿר שבחי רמ ל, לעמכּערג, יאָר 2. מאַכן די בעטן נאָכן שלאָפֿן. פֿאַרבעטן.

אָפּבעטש(ק)ען — טרוו ־טש(ק)ע אָפּ, ~ גע. בעטש(ק)עט. אָפּזאָגן שטאַמלענדיק, אומקלאָר, אין שרעק. אָ, וואָס מע דאַרף זאָגן מיט באַקציינער. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָסבעלי־בתעווען — [... באַלעבאַ'טערועָן] ־בתעווע אָפּ, ~געבעלי־בתעוועט. פֿאַרענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט בעלי־בתעווען .

אָפּבעלעבענטשען — טרוו ־טשע אַפּ, ~ געבעלעבענטשעט. פֿאַרענדיקן בעלעבענטשען ().

אָפּבעמבלען — טרוו ־בל אָפּ, ~געבעמבלט.

.

1. דזוו אָפּבּאָמבּלען, בּ 1. 2. אָפּזינגען, בּיסבּאַם־בּאָם. „אַ זייגער האָט אָפּגעגרילצט, אָפּגעבּעמבּלט... 25 יאָר“, בּלעטער, 3 .No 31. דזוו אָפּבּאָמבּלען, בּ2 ־עניש.

אָפּבּענטשן — טרוו בּענטש אָפּ, ~געבּענטשט.

1. ענדיקן בּענטשן. פּאַרטיק ווערן מיטן בּענטשן. אָפּעסן און אָ'. „איך האָב נאָך ניט צײַט געהאַט אָפּצובּענטשן, ערשט עס זענען שוין געקומען די כאַפּער־מענטשן“, פּל אָ, מיט אַ מזומן. „ווען דרײַ האָבּן אינאיינעם געגעסן און איינער האָט אָפּגעבּענטשט פֿאַר זיך, מעגן זיי בּענטשן בּמזומן“, חא לט/א. “מיר האָבּן מקצר געווען מיט דעם צימעס און מיר האָבן בּאַלד אָפּגעכּענטשט,„ אמד, דער ערשטער נאַבּאָר, ווילנע 1871.

2. אָפּזאָגן די בּרכה בּײַם צינדן ליכט ערבֿ שבּת, ערבֿ יום־טובֿ, חנוכּה, בּײַם האַלטן דעם אתררג אום סוכּות אאא „אָט שטייט זי שוין בּײַם צווייטן פֿענצטער... ליכט אָפּגעבּענטשט און קוקט אויס דעם טאַטן“, פּרץ, 'זכרונות'.

3. אָנווינטשן. געבּן אַ בּרכה. “דערווײַל געזעגן איך מיך מיט אײַך, רבּי, און בּענטשט מיך אָפּ, וועל איך בּאַלד טאַקע אַוועקפֿאָרן“, יא, די געגאַרטע וועלט. „יעדער בּאַזונדער האָט

אײַנגעבויגן די קאָפּ דאָס ער זאָל אים בענטשן.
קוים האָט ער זיי אָפּגעבענטשט, האָט
צוגעטראָטן דער חתן,,, אמד, שוד ורצח, ווילנע

אָפּבענקע1

1880. ,,אַ מאָדנע טבֿע האָט ער — ער מוז איר
פֿרן גרויס התפּעלות אָ, מיט אַ שנײַדערשער
ברכה: אַ קלאָג דיר אין טאַליע,,, עליע קאהאַן,
פֿאַרשידענע דערציילונגען, ☐.נסק 1940. אויך
פֿאַרקערט: אָפּזידלען, אָפּשעלטן. אָ, עמעצן מיט
אַ דרײַגאָרנדיקן מי־שבּרך.
4. באַבענטשן אַ זאַך צו ניצן ווי אַ סגולה,
אַ רפֿואה. אָ אַ טיכל פֿאַרן קראַנקן. אָ אַ מטבע

, ,
אדן הייסן אויפֿהענגען אויפֿן האַלדז. ,,דער רבי
האָט אָפּגעבענטשט עטלעכע שטיקלעך צוקער
און געהייסן מאַכן דערפֿון פּראָשיקלעך, און
דאָס האָט געהאָלפֿן בעסער ווי די
אַפּטייקפּראָשקעס“, ר, בן־ציון לאַנגער, מעלפּת
ספּירים, לעמבערג 1930, ז, 34.
5. שליסן אַן אָפּמאַך. פֿעסט אָפּרעדן. אָ, און
זיך נעמען צום עסן. ,,אָפּגעבענטשט — איז
(און) אַ גוטן טאָג“=אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט,

ניטאָ קיין חרטה. ״לאָמיר אָ', זאָל אונדזערס איבּער ייִן״, ספּ, סודות

6. אוטוו שטאַרבּן. מער ניט דאַרפֿן עסן און בענטשן. [אפֿשר בינדט זיך עס מיט: 'לא המתים יהללו יה,, תּהליס, קטז, 17.] ־ונג. ־עניש.

אָפּבּענקען — אוטוו. בּענק אָפּ, י.,געבּענקט.

1. אויפֿהערן בּענקען. מער ניט בּענקען. אָ, און פֿאַרגעסן די אַלטע היים. 2. בּענקען אַ לענגערע צײַט. ״יאָרן־לאַנג האָט ער אָפּגעבּענקט נאָך זײַן פֿאַרשטאָרבּענער ווײַבּ״. ,,אָ'דיק אַ גאַנצן יאָר נאַך קאַטיען, האָט זיך קרוטיקאָוו דאָך געטרייסט״, א. פֿינקעל און ש. הורוויטש איבּז, סטעפֿניאַק־קראַווטשינסקי, א הײַזל בּיי דער וואָלגע, מינסק 1922. ־עניש.

אָפּבּעקען — טרוו ־קע אָפּ, ~געבּעקעט.

פֿאַרענדיקן, אויפֿהערן בּעקען אָדער בּעקען אַ לענגערע צײַט. אָפּשטאַמלען. אָפּזאָגן עפּעס זייער אומקלאָר. אָ, מיט דער צונג. ,,דער עדות האָט אָפֿגעבּעקעט און אַלע האָבּן געוואוסט אַז ער האָט געזאַגט וואָס מע האָט אים אויסגעלערנט זאָגן״. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָפּבּערדלען זיך — אוטוו ־דל זיך אָפּ, זיך ~געבּערדלט. לאָקל (ווילנע). וואויליונגעריש. אָפּטדאָגן זיך. ,,דריי ניס דעם קאַפּ מיט דײַנע

נאַרישקייטן. גיי, בערדל זיך אָפּ פֿונדאַנען".
אָפּבערען — דזוו אָפּבאַרען ←.
אָפּבערשטלען — טרוו ־טל אָפּ, ׳י.,
גע.
בערשטלט. אָפּרייניקן מיט אַ בערשטל. דזוו
אָפּבאַרשטן ←. אָ, דעם מאַנטל. ,,
אָפּגעבערשטלט די פֿון אַש גראָוו געוואָרענע אַרבל", נס
איבז, נאָטר דאַם קיִעוו 1929. אויך מיט
ז י ך. ־עניש.
אָפּבערשטן — דזוו אָפּבאַרשטן ←. ,,מע טאָר
זיך ניט קעמען מיט אַ קאַם אום שבת, אויך
ניט אָ, דעם קאָפּ מיט אַ בערשטל,,, חא, נח/ב.
אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָפּבראָדזשען — אוטוו. ־דזשע אָפּ, ~
געבראָדזשעט. פּפֿ. ~בראָדז(י)ען. א

לען15׳1

גערע צײַט בראָדזשען. אָ, מײַלן דורך די זומפּן
פֿון פּאָלעסיע ־עניש.
.

אָפּבראָטן — טרוו. בראָט אָפּ, ~געבראָטן.
1. ענדיקן בראָטן. פֿאַרטיק ווערן מיטן בראָטן.

בראָטן בין עס איז פֿאַרטיק צום עסן. „האָט ער באַלד גענומען אַ שפּיז און האָט אים אַרײַנגעשטעקט אין זײַן בויך און האָט אים געלייגט אויף דעם פֿײַער בראָטן און האָט אים אָפּגעבראָטן„, מעע)ה גור אַריה, אַדעס תּר„ל.
„בראָט אָפּ אַ קנאַכן אדן מאַכט אַן ערובֿ־תּבשילין“, ילג,)ידזת חולין, וואַרשע 889 .
2. בראָטן אַ לענגערע צײַט. אָ, כלערליי פֿליישן.
3. פֿיג גוט אַרײַנזאָגן. אָפּמוסרן. אָפּצוואָגן. אָ, עמעצן אויף הייסע קוילן. מיט ז י ך — אָ, זיך אויף דער זון. —עכ ן. ־עניש.
אָפּבראָיען — אוטוו —יע אָפּ, ~געבראָיעט.
אוקר. סל. אייפֿהערן אָדער א לענגערע צײַט בראָיען, ווילדעווען. אָ, דעם גאַנצן חרל־המועד, ווען מע גייט ניט אין חדר.
אָסבּ אָך — דער, ־ן. פּפֿ ~ברוך. 1. אַקט .
אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּברעכן. “דער אָ, איז אָנגעקומען ניט גרינג„. „דער אָ, פֿון דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען קען פֿירן צו מלחמה“.
2. אָפּגעבראָכענער טייל, שטיק. “דער אָ, פֿון באַרג האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אין טאָל„.
3. איבערבראָך. איבעררײַס, “דיא דורות

דערנאָך האָבן שוין גיהאט איין אב בראך. זייר הערץ איז גיוועזין... די תּורה צו פֿרשטיאן... דאָרך גרושן פּילפּול“, עיון, מט/א.

4. וואוילליונגעריש קאַליקע. שלימזל. “וועו ניט עלינקע, רייניקט דאָך אַזאַ אָ, הינערשע פֿופֿיקעס אויף חיונה,,, א קאַרפּינאָוויטש, בּווס ווילנער דורכהויף, ת,,אָ 1967.

אָפּבּראַלן — סרוו. אַרכ (n􏰀Mhdɪe:] 􏰀[

re1אַראָפּשטויסן מיט כּוח. ,,זאָ בּלד אַז ער ווערט שלאַפֿן וועלן מיר איבּר אים פֿאַלין און, דען קאָפּף מיט דען שווערט אבּ כּראלן“, בּבאָ􏰀בּוך, אמ􏰀ט, תּכ“א.

אָפּבּראַמען — טרוו. ־מע אָפּ, ~געבּראַמעט. (בעל־עגלה־לשון) אַראָפּנעמען משׂא, אָ, זעק פֿרן וואָגן.

אָפּבּראַנד — דער, ־ן. סימן, וואונד פֿון אָפּכּרענען (זיך). ח א פֿינקעל, ייִד, טעכנ, ווב, כּאַרקאָוו 1923.

אָפּבּראָנ(ד)זירן — טרוו ־(ד)זיר אָפּ, ~ געבּראָנ(ד)זירט. פּפֿ. 􏰀י.,,בּראָנ(ד)זן. בּאַדעקן מיט בּראָנ(ד)ז. אָפּפֿאַרבן מיט אַ בּראָנ(ד)ז־פֿאַרכּ. ־דן􏰀.

אָסבּראַנדעווען — אוטוו & אקוזוו ־דעווע אָפּ,

~געבראַנדעוועט. 1. אויפֿהערן בראַנדעווען, זײַן זייער רירעוודיק און טומלדיק. „אויף דער עלטער האָט זי אָפּגעבראַנדעוועט און געהאַלטן אין איין תּחינהוועןײ. 2. בראנדעווען א לענגערע צײַט, אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. אָ, בײַם האַנדלן מיט עופֿות, מיט אייער, מיט וואָס ניט. אָ אַ וועלט.

,

אָפּברויען

אָפּבראָנ(י)ען — טרוו ־נ(י)ע אָפּ, י,'
געבראַנ(י)עט. סל פֿאַרטיידיקן. אָפּוּוערן. אָפֿהיטן. „מע מוז אַליין אַהין אַרײַנפֿאָרן, מע זאָל כאָטשע דאָס ווינקל אָ, און שיצן פֿון דעם סודלקאָווער רבֿ,,, (חיים מאַלאַגא, 'גדולת ר, וואָלף..., יפּ).
״ער האָט מיך... אָפּגעבראַנעט פֿון שמיץ״, אמד, דער אידישער פּאָסלאניק, ווילנע 1880. „מע וואָלט אים אפֿשר אין לײַלעכער אַוועקגעטראָגן, נאָר אַן אַלטער מאַן... האָט אים אָפּגעבראָנעט״,
א. י. סאַיר אויס מינסק, חטאת הקהל. , II, ווילנע 1881.
מיט ז י ך — „דער אַמאָליקער מענטש,

וואוינענדיק אין וואַלד..., האָט געמוזט אָ, זיך פֿון
דיווילדע שטאַרקע טירן“, א קאָטיק אונד א.
בלעסלער, ווי האָבן מענשען גילעבט מיט איי
ניגע טויזענד יאָהר צוריק, וואַרשע 1898. פֿרגל.
אָפּבאָראָנ(י)ען זיך.
אָפּבראָנעווען — טרוו. ־נעווע אָפּ, ~
געבראָנעוועט. אויך: ־,באָראָנעווען. סל
פֿאַרענדיקן בראָנעווען, אריסגלײַכן אַ צעאַקערט
פֿעלד מיט אַ ב(אָ)ראָנע.
אָפּבראַקירן — דזוו אויסבראַקירן ←, 156.
אָפּבראָקן — טרוו. בראָק אָפּ, ־.,געבראָקט.
1. ענדיקן בראָקן. פֿאַרטיק ווערן מיטן בראָקן.
אָ, לאָקשן, פֿאַרפֿל.
2. (אַזוי ווי אָפּשנײַדן) אָפּזאָגן, אַרויסזאָגן
עפּעס שאַרף, גיך. אָפּבראָקן אַן ענטפֿער: ,נאָר
אָן הענט!'. אָ אַ בייז וואָרט. אָ אַ ל י ג ן
, . ,
— אויף גיך אָפּזאָגן אַ ליגן, זאָגן אַ
באַשײַמפּערלעכן ליגן. “קלאָר און ליגנעריש
אָפּגעבראָקט איר אַ איזן איז ער נאָר צופֿעליק דאָ“,
זש, קיסר און רבי I, ז, 74. *אָ, אַ וו י ץ =
דערציילן אַ ניט־געראָטענעם וואולגאַרן וויץ.
3. דורכפֿירן עפּעט גיך, אָן צערעמאָניעס. אָן

אויסדרוק פֿון געפֿיל. (אומאיידל) אָ, שבעה,
אַבֿלות אע אָ, שלושים און גלײַך חתונה האָכן.
אָפּבּרוגזן זיך — [... בּרויגעזן] אוטוו בּרוגז
זיך אָפּ, זיך .י,,געבּרוגזט. אויפֿהערן זיך
בּרוגזן. היפּוך פֿון אָנבּרגזן זיך. בּרוגז ווערן
הײַנט אדן זיך אָ, מאָרגן.
אָפּבּרויכן — טרוו בּרויך אָפּ, ~געבּרויכט.
פּר. מאַכן עס זאָל מער ניט טויגן פֿאַרן
געבּרויך. אָפּניצן. אָ, דאָס מעבּל. אָ, די קליידער.
מיט ז י ך — ,,דאָס חתונה־קלייד האָט זיך שרין
אָפּגעבּרויכט". אָפּבּרויך, דער ־ונג.

.

אָפּבּרוינעז — טרוו בּרוין אָפּ, ~געבּרוינט.
1. ענדיקן בּרוינען. פֿאַרטיק ווערן מיטן
אָפּפֿאַרבּן בּרוין. אינגאַנצן באַבּרוינען. 2. מאַכן
בּרוין אויפֿן פֿײַער בײַם באַקן, בײַם בראָטן. אָ,
די חלות. 3. אָפּבּרענען אויף דער זון. מיט
ז י ך. —ונג.
אָפּבּרויען — דזוו אָפּבּראָיען mabroi:מ >.

,,אָפּגעפֿאָכעט האָסטו מיט דער שווערד און
אָפּגעבּרויעט, פֿון יעדער זײַט באַהיט", פּמ, די

באַפֿרײַטע בּרידער, זבֿ, מינסק 1939.

אָפּבּרוך

אָפּבּרוך — דער, ־ן. 1. דזוו אָפּבּראָך. אָ, פֿון
בּאַציאונגען, „דאָס בּאַציט זיך אָבער נישט אויף
די האַנדלס־פֿאַרבּינדונגען וואָס דער אָ, פֿון זיי
איז נאָך אויף אַ צײַט אָפֿגעלייגט„, קמ, 68□1,
No 49. 2. עוולה. אומגערעכטיקייט. "ער וויל
זײַן חבֿר קיין אבּררך טון אונ, וויל אים ניט
(מסיג גבֿול) זײַן", מהמ, אמ□ט 1722, סח/א.
אָפּבּרומען — בּרום אָפּ, ~געבּרומט. אוטוו —
1 פֿאַרענדיקן בּרומען. „דער ווינט האָט שוין
.
אָפֿגעבּרדמט, דער רעגן האָט שוין אדיפֿגעהערט".
2. בּרומען אַ לענגערע צײַט. „די בּהמה האָט
אַפֿגעבּרומט אַ גאַנצע נאַכט". טרוו —
אומקלאָר, בּורטשענדיק עפּעס אָפֿזאָגן,
אַרויסבּרענגען. אָ, אַ ניגדן. „פֿרעגסט אים עפֿעס, בּרומט
ער אָפּ עטלעכע ווערטער און דרייט זיך אַוועק".
אויך: אָ, דאָס דאַוונען. אָ, קריאת־שמע. ־עכ□ן.
־עניש.
אָפּבּרוקירן — טרוו ־קיר אָפּ, ~געכּרוקירט.

פֿאַרענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט ברוקירן.
אַ יאָר צײַט אויף אַפּצוברוקירן די גאַסן פֿון
שטעטל.

אָפּבדי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּבּריִען (זיך). שמירעכץ פֿאַר אַן אָ'. אָ,
פֿון טייי־בלעטלעך. "אײַער האַנט־מוסקל איז
געקומען אין באוועגונג... איך גערעאַטעוועט

פֿון אַן אַ'', ט. בערלט, טענטש מאַשין, קיִעוו
1927. „אינעם אָפּקלײַב איז דאָ דער עלעמענט
פֿון אָ'", אָפּא, טמז, 22 IX 1963. ־אונג —
"די פֿלאַשן פֿלאַצן, און דער קראַנקער באקומט
א שטאַרקע אָ'„ פֿגעז, ווילנע 7 1924, No.

אָפּבּרידזען — אוטוו, אומפּ ־דזעט אָפּ, ~
געבּרידזעט. פּפּ ~בּריךזשען. אויך:

אָבּרידזשען. [עע:][נן][a6: <. וורר.
אָפּשטויסן, קריגן אַ געפֿיל פֿון עקל. „עס בּרידזעט
מיר אָפּ פֿון זײַן הילוך". „שוין גאַנצע צוויי
וואָכן ווי ניסן גייט ניט אַרויס פֿון שטוב.
אָבּרידזשעט האָט ניסנען די וועלט, וואָרעם זי האָט
אים כּסדר געניאַרט", ידידיה מאַרגאַליט, פּויערים,
מאָסקווע 1939. מיט ז י ך — זיך מיאוסן,
זיך עקלען. אויך: ~בּרידנען (זיך).

אָסבּריהן — [... בּעריען] אוטוו בּריה אָפּ,
(זײַן צײַט לענג▯רע אַ .געבּריהט,.י ▯
מכלוֹמרשט) אַ בּריה. אָ, אַ לעבּן־לאַנג און שטאַרבּן אַ
קבּצן. מיט ז י ך — אויפֿהערן זיך בּריהן.
־▯יש.

אָפּבּריזגען — טרוו ־גע אָפּ, ~געבּריזגעט.
סל. אָפּשפֿריצן. בּאַשפֿריצן מיט (בּרודיק
וואַסער. אָ, מיט שיטערער בּלאָטע. אָ, מיט דער
שפֿריצקאַן. ־עניש.
אָפּבּרייעווען — אוטוו. ־עווע אָפּ, ~
געבּרײַ־־
עוועט. <בּרײַען. אָפֿזיין, אָפּליגן אָן שום
טעטיקייט, אָן שום נוצן (אַזוי ווי מע וואָלט
געווען אַ פֿעסל ווײַן). אָ, אין דער דאָרפֿישער
כאַטע אַ זרמערדיקן חודש. „האָבּ איר דאָרטן
[אין שפּיטאָל] אָפּגעבּרײַעוועט אַ וואָכן דרײַ“,
א שעכמטאן, סאָוו, היימלאנד, 2▯19 ▯[1.

1716

אָפּבּרייען — בּרײַ אָפּ, ~געבּרײַט. טרוו —
— ׳

ענדיקן ברײַ�ן. פֿאַרטיק ווערן מיטן ברײַען.
אָ, מעד. אָ, כּיר. *אָ, אַ ליגן. „ניט אייבּיק
קענען די ברײַ־זאַכן ווירקן. אויבֿ דער ו�ײַן האָט
ש�ין זײַנס אָפּגעבּרײַט, האָט זיך די גאַנצע
געשיכטע מיט אים געענריקט“, דר, ט
זוטמאַנאָוויטש, די הויזליכע מעדיצין, ווילנע 1887,
ז, 15. אוטוו — אויסציִען בײַם דערציילן
(פֿאַרענדיקן) א מעשׂה. אַ סך אומניציק רעדן.
אָ, אַ גאַנצן אָוונט און ניט לאָזן קיינעם
אויסרעדן אַ וואָרט.
אָפּבּריל אַנטעווען — טרוו ־טעווע אָפּ,
י
~געבּריליאַנטעוועט. 1. מאַכן אויסזען ווי
א בּריל אַ�ט. אַרומשלײַפֿן וו אַ בּריל אַנט. אָ,
י � י י
פּשיט גלאָז. 2. בּאַשיטן, בּאַשענקען מיט
בּריליאנטן. אָ, אַ געליבּטע.
אָפּבּריסקען — טריו ־קע אָפּ, �י־, געבּריסקעט.
פֿפּ ~פּריסקען. דזוו אָפֿבּריזגען, אָבּער
געוויינלעך נאָר מיט שמוציק וואַסער, מיט
שיטערער בּלאָטע.
אָפּבּר�ען — טרוו בּרי אָפּ, � ..,געבּריט. 1.
אָפּזידן. פֿאַרענדיקן בּריִען, פֿאַרטיק ווערן מיטן

בריִען. אָ, מילך, לד. 2. אָפּגיסן מיט זודיק וואַסער, מיט זוד. אָפּפּאַרען. אָ אַ האַנט. אָ, זײַן

,

פּאַרצע. אָ, מיט הייסע קאַווע. אָ, דעם חזיר וואָס ראָיעט זיך אין גאָרטן. אָ, די מוראַשקעס וואָס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין קיך. „כ'וועל דיר גאָרנישט טיִען כ'וועל נאָר נעמען אַ טעפּעלע וואַסער אַרן וועל דיך אָ"‘, פּל „אריב פּון אָ, אָדער צובּרענען מאַכן זיך אויף דער הויט... בּלאָטערן, אַז זיי פּלאַצן, גייט אַרויס אַ געלבּלעכע פּליסיקייט“, דר, מ גאָטטליעב, זײַט געזונד I, וואַרשע 1902.

3. אָפּרייניקן דורך בּריִען, דורך אָפּגיסן מיט קאָכעדיק וואַסער. אָ, די בּלעטער קרויט איידער מע לייגט זיי אַרײַן אין טאָפּ. אָ, דאָס ערף נאָכן אָפּפּליקן. אָ, דעם טיש בּײַם כּשרן אויף פּסח. “מע טאָר ניט אָ, קיין הערינג אין שבּת“, סשי I, פּא.

4. פּאַרשאַפן אַ ווייטיק אָדער אָנמאַכן אַ וואונד פּון אַ בּאַריר מיט עפּעס וואָס איז בּרעניק אָדער זייער הייס. אָ, דאָס פּנים מיט אָלים. אָ, דעם פּינגער אָן (אין) הייסן פּרעסאײַזן. “איז עס מעגלעך אַז אַ מענטש זאָל גיין אויף קרילן

און זײַנע פֿיס ניט אָ'?", ח. ל. האלפּערין, דיא הײַנטמאָדישע בילדונג, ווילנע תּרנ"ו. "מיר זאָלן ניט ווערן אָפּגעבריט אין די הייסע קוילן פֿון דײַן רוגזה", איין נײַע ש"ס תּחינה, פּעטריקאָוו 1881. "רויטלעכע רויע פֿלעקן... ווי פֿדן אָ, מיט זודיקע וואַסער", זש, נח פּאַנדרע

5. וועגן דער זעלביקער שפּירונג וואָס בײַס בּ3, אָבער פֿון אַ באַריר מיט אײַז. אָ, די פֿינגער בײַם אָנרירן די אײַזערנע קליאַמקע פֿון דער דרויסנדיקער טיר. 6. פֿאַרשאַפֿן די זעלביקע שפּירונג מיט עפּעס וואָס איז שטעכיק, שנײַדיק. אָ, מיט קראָפּעווע. אָ, דעם הינטן מיט ריטער. "די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט, נאָר נישט ווי פֿײַער בריט, נאָר ווי אײַז בריט", פּרץ,

אָפּבריקען

'צווישן צוויי בערג'. "ווינטערדיקע מעת־לעתן האָבן אים אָפּגעבריט מיט קעלט", א קאהאן, אינזשענערן, קיִעוו 32‎1.

7. זייער הייס מאַכן דאָס געמיט. פֿלוצלינג פֿאַרשאַפֿן אַ געפֿיל וואַס איז אינגאַנצן אַנדערש פֿון דעם פֿריִערדיקן צושטאַנד. אָ, מיט אַ בליק. ווערטער וואָס בריִען אָפּ די צוהערערס. "דער

מגיד האָט אָפּגעבּריט די נשמה־יתרה,,. ,,די בּרעמען מיר הייס אָפּגעכּריט, דעם שלאָף מיר פֿאַרטריבּן‘‘, סעג, קאַפּריזן. ,,די טאָטשקעס זענען הייסע נקבֿות. ריר זיי אָן — וועלן זיי דיך אָ‘‘, בּרוס, די שטילע ערד, ז, 191.

8. ספּעצ אָפּזידלען. געבּן אַ חלק. בּאַליידיקן. אָ, מיטן מענה־לשון פֿון פֿישמאַרק. אָ, מיט קללות.

מיט ז י ך — 1. מיט בּבֿ פֿון אָפּבּריִען. אָ, זיך די קישקעס מיט פֿעטע יויך. ‘‘אַז מע כאַפּט — בּריט מען זיך אָפּ‘‘; ,,אַן מע בּריט זיך אָפּ אויף הייסן (אריף הייסע), בּלאָזט מען אויף קאַלטן (אויף קאַלטע),,; ‘‘אַז מע בּריט זיך אָפּ אויף קאַשע, בּלאָזט מען אריף גריקע‘‘; ‘‘אַז מע בּריט זיך אָפּ אויף לאָקשן, עסט מען מער ניט קיין לאָקשן,, ,,ויער עס האָט זיך אָפּגעבּריט מיט הייסע פֿאַרפֿל — בּלאָזט שוין איך אויף קאַלטע פֿאַרפֿל‘‘, שוו. ‘‘מן האָט זיך גקאנט אפּ בּרואין אין דער יויך וואַרום דאשׂ לחם [וואָס מע פֿאַרכּראָקט] ווערט נתבּשל אום שבּת‘‘, שלחן ערוך, ח‘‘א [זשאָלקעוו, אָנהייבּ 19. י,,ה]. ,,[ער] האָט געטאָן אַ כאַפּ אַרײַן אַ הייס שטיק פֿיש־קאַרטאָפֿלע... און צום סוף זיך טאַקע אָפּגעבּריט,,, הר, לייס ,,אַנטלאָפֿן

אין דער מדבר און דאָרט אָפּגעבריט זיך אָן
דעם אייביקן דאָרן־פֿײַער", קאָר II, ז, 29.

2. ספּעצ דררכפֿאַלן מיט אַ מסחר און האָבן
אַ סך היזק. אַרײַנפֿאַלן מיט (איבער) אַ מענטשן
און האָבן שוועריקייטן איבער אים. אָ, זיך
מיט אַ שידוך. אָ, זיך בײַם אַריבערגיין פֿון
איין געשעפֿט צום אַנדערן. "מע ווערט ניט
פֿריִער געניט, ביז מע האָט זיך ניט אָפּגעכּריט,,;
,,אַ שלימזל בריט זיך אָפּ מיט תּבֿואה אין אַ
הונגעריאָר", ש וו "איך האַב מיך... מיט
אימעניעס שוין אָפֿגעבריט,,, שע, מנחם—מענדל
,,איך האָב מיר נאָר איין מאָל אָפּגעבריט מיט
דודן, אויף ווײַטער בין איך שוין קליגער",
וו. שפּיראַ דער צבֿועק , אַדעס 1896.

־עכ▯ן. ־עניש.

אָפּב.ייִקען — טרוו ־קע אָפּ ~געבריקעט. פּפּ
~בריקעווען, ▯־,בריקן, לר
אַוועקבריקען. אַוועקשטופּן פֿרן זיך מיטן פֿוס. אָ, די
פּילקע. אָ, דאָס שעפֿל מילך. "דער פֿערד האָט
זײַן יוגנט אָפּגעבריקעוועט און זײַן כּוח
אַוועקגעגעבן", ג קאבאקאָוו איבז, קוזמאַ טשאַרני,
היימלאַנד, מינסק 1932.

מיט ז י ך — ,,דער בוהײַ אָפּבריקעווענדיק
זיך... און אָפּשטעלנדיק זיך, כּדי ווידער אַ

קלאַפּ טאָן מיט די הינטערפֿיס,,, י פֿרידמאַן איבֿז, וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער, מינסק ◻ 193.

אָפּבּרכון

אָסבּרכון — [... בּאָרכען] טרוו. בּרכו אָפּ, ◻,געבּרכוט. נעאָל. אָפּזאָגן בּרכו. ,,קוים אָבּער האָט איר אָפּגעשלום־עליכמט, אָפּגעבּרכוט, אָפּגעקדושט,... גיט איר אַ מאַך מיט די אַקסלען און גייט איַך ווידער איַער וועגס“, ממום, ווינטשפֿ, ז, 128.
אָסבּרעך — דער, ־ן. 1. דזוו אָפּבּראָך ←.
2. איבּעררײַס. הפֿסקה, פּאַוזע. אַן אָ, אין דער אַרבּעט ־ונג — ,,... בּיגערט מן זאָל די

◻

עבֿודה טון אָהני אבּ בּרעכונג“, ר, זלמן העננא איבֿז, צמ◻ו דוד, פֿפֿדמ תּנ,,ח.
אָפּבּרעכן — טרוו. בּרעך אָפּ, ~געבּראָכן.
(מיט כּוח, מיט אַן .Mhd: abe. 1־br◻ehen אָנשטרענג) אָפּטיילן, אָפּזונדערן, אָפּשיידן אַ טייל. אַראָפּבּרעכן. אָ, דעם פּיטום. אָ אַ צוויַג

,

פֿון בוים. אָ אַ פֿוס פֿון טיש. רײַכלין 8 פֿאַר,
טײַטשט 'ומלק, (ויקרא, א, 15): „אַבּא בּרעכן„.. „ער [דוד] נאַם דעשׂ ריזן שווערט,... ער בּראך אים אבּ זײַן העלים„, שמואל בּוך, סטראָפֿע 376. „מן זול דשׂ בּראָט ניט אין די הנט נעמן אַרן... בּרעכן אבּ דר פֿון מיט דר הנט", בּראנט פֿיג: „דז זיא [די אומגלייבּיקע] פֿון דעם גײַשׂטליכן איל בּוים אבּ גבּראָכן און, אבּ גהאקט זײַן", קאל, לבֿ בּניס על אַבותס, האַלע 1732. "פֿופֿצן טעג אין תּשרי מאַכן זיי סוכּות און גייען אין די גערטנער אָפּצובּרעכן די לולבים„, תּרגום שני, אַס תּר"ג. "ווען א מצה איז צוי זאַמענגעלייגט, מוז מען דאָס אָ, און אַוועקלייגן אין חמץ", זאבֿ וואָלף גראָדזינסקי, חובֿת מצה, וואַרשע 1872. „זאָל ניט דאָס לחם... אינגאַנצן דורכשנײַדן... מאַכט די בּרכה, און נאָך דער בּרכה זאָל מען ערשט אָ, אָדער אָ׳ שנײַדן", הרבֿ א. בּרודא, הליכות עולכן, אונגוואַר 1864, כג/ב.

פֿיג. אָ, דעם נאַקן פֿון פֿײַנד=בּאַזיגן. „דיא דא אכּ בּרעכט דען נאַקן דר פֿײַנד", מחזור

שלש רגלים, אַמשט 1713. אָ, הענט און פֿיס —
אָנבּרעכן די בּיינער. "מע דאַרף אים אָ, הענט
און פֿיס און אָפּגעבּן פֿאַר אַ זעלנער", פֿוול.
"מע דאַרף דיר אָ, דעם קאָפּ מיט די פֿיס און
דערלאַנגען זיי אין די הענט פֿאַר צאַצקעס",
פֿוול (ווילנע).

2. איַינוואַרפֿן. צעשטערן. אַרונטערבּרעכן.
"דיא עצה פֿון אַלטי לײַט הייסט געבּויאט אונ
דאָס בּויאן פֿון יונגי לײַט הײשׂט אבּ גיבּראָכן",
לט 1, נ/בּ. "וואו איין בּיזי מויאר וואַר אין דער
שטאַט, די לישׂ ער אבּ בּרעכן", מבּ, מעשׂה מו.
"דא דיא ישׂראל הערטן דז אַליפֿורני קעם, דא
פֿאָרכטען זי זיך פֿאַר אירס בּית המקדש דשׂ
ער עשׂ אבּ בּרעכט", ספֿר יהודית וספֿר יודא
מכּבּי, אַמ□ט 1761. "אומטרײַהייט בּרעכט אָפּ
היימען", פֿאָר, 2□19 □I 16.

3. אָפּרײַסן. מלל פֿאַרטײַטשט 'קטף, (יחזקאל,
יז, 4): "אפּ גיבּראכין" [תּי: "אָפּגעריסן"]. "מן
זול דיא ציצית וואול בּודק זײַן, זאָ איין פֿאָדים
ווער אבּגיבּרוכין אובּן אם לוך פֿון כּנסות —
זוא ווער עשׂ פּסול", ספֿר המנהגים, אַמשט
1723, ה/ב. פֿיג: "דער מענש... וואָס בּיז

טוט... בּרעכט ער פֿון זײַן נשמה אָפּ״, עח,
ה/א.

4. אָפּשאַפֿן. מבֿטל מאַכן. ← . אויך בּ [

,,זאָלן גבֿאים מסרר זײַן אַלי מקרמות בּב,,ה...
און אַלז אָפּ בּרעכן און, צו שלאגין, וואז ניט
,

דאָז פֿנקס אויז ווײַזט״, תּקק

5. איבּעררײַסן, אָפּשטעלן אַ
צווישנמענטשלעכע פֿאַרבּינדונג. אָ, פֿאַרבּינדונגען מיט
מענטשן. אָ, מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט. אָ,
תּנאָים. אָ אַ שידוך. ״דעם ערשטן טאָג גיבּט
,

ער אין [דעם גאַסט] הינר צו עסין, דעם אַנדרן
טאָג... קעלבּר פֿלייש, דען דריטן...
ערבּזין, דען פֿירדן טאַג בּרעכט ער אבּ״, צאינה,
דבֿרים, קכז/ג.

6. אַראָפּרײַסן. שטערן. ניט לאָזן ווײַטער
פֿירן. אָ אַ פֿאַרזאַמלונג. אָ אַ זיצונג פֿון
פּאַר, ,
לאַמענט. אָ אַ דעמאָנסטראַציע. ,,וועןדער עולם
,

דער גולם וואָלט זיך אינטערעסירט מיט קריזיסן
איידער זיי ברעכן אויס, וואָלטן זיי אָפּגעבראָכן
געוואָרן איידער זיי וואָלטן אויסגעבראָכן„,
מר I ו.

7. אינמיטן איבעררײַסן. אָ, אינמיטן רעדן.
אָ אַ שמועס. אָ, דעם שלאָף. אָ, דעם וועג.

„,און, צו צײַטן ברעכט הקדוש ברוך הוא זײַן
לעבן אב„, צאינה קמד/ב. "ווען דוא רידן מוזט
ברעכי אב, דען בײַא ויניג רידן איז ויניג
אירטום„ ספר מבחר הפנינים, הומבורג תצ„ט.

8. מאַכן אַן איבעררײַס, אַ הפסקה. אָ אַ
,
פאָרשטעלונג אויף 15 מינוט.

9. אַראָפּנעמען אַ טייל. „,אימר זאָל דער
מענש אָפּ ברעכן דש דריטי טייל פון זײַן עשׂן,
ווער עש זיך אַזו האַלטן דר ווערט ניט באַלד
קראַנק", עח, כז/ב.

1O. אַוועקרײַסן מון עפּעס. אָפּגעוואוינען.
באַפרײַען פון עפּעס. אָ, עמעצן פון זײַנע
שלעכטע מידות. אָ, פון עבודה־זרה. „,דר דא
דר ב[אַ]רמיג איז דר זאָל אב ברעכן דאשׂ יאָך
דער פעלקרן פון אונזער האַלז„, (סידור)

תּפֿילה למשה.. , דעסוי 1696, קלג/א.

11. אוטוו (אויך טרוו). אָפּגעבן צוריק דאָס געגעסענע. אויסבּרעכן. אדיסמקיאן. ,,אָ, און אָפּשפּרעכן איז אַ וואָלוועלע רפֿואה,,, שוו. אָ, וו אַ שוואנגערע. ,,מוז מען עס זאָל אָ', טונק י

אײַן אַ פֿעדער אין בּוימל און רייץ דערמיט אַזוי לאַנג דעם גומען בּיז עס בּרעכט,,, איבּז, פּראָפֿ, שליינין, מרפּא לעס, זשיטאָמיר 1874. ,,בּרעכט אָפּ, וועט אײַך לײַכטער וערן,,, אָפּא, די טענצערין

מיט ז י ך — ,,אַ נאָגל האָט זיך אָפּגעבּראָכן“. אונטערהאַנדלונגען קענען זיך אָ'. ,,דאָס קריגל גייט אַזוי לאַנג נאָך וואַסער, בּיז דאָס אויער(ל) בּרעכט זיך אָפּ,,, שוו. ,,קיין איש או אשה טערין זיר קיין שטאָט [אין בּית־מדרש] אָפּ בּרעכין... אם לא בּרשות רובֿ גבּאים“, תּקק. ,,וואָן איינר גזינדיגט האָט... זול ער זעהן זיך אבּ צו בּרעכין די גלוסטיקייט,,, יורה חטאים, פֿיורדא תּקנ,,א. ,,פֿרן דײַן עסין און טרינקן זאָלשׂטו

אָפּבּרעננען

דיר אָ'... אונ זאָלשׂט וואשׂ מער אוישׂגעבּן

אויף איין היפּשי דירה,,, עיון, סה/א.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.

אָפּבּרעמען — טרוו. בּרעם אָפּ, ,געבּרעמט.
מאַכן אַ זוים. אָפֿזוימען. אַרומנייען אַ ראַנד
פֿון אַ מלבוש מיט פֿעלץ. ־ונג.

אָפּבּרען — דער, ־ען. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּבּרענען. 2. דער טייל וואָס
ווערט פֿאַרבּרענט, וואָס גייט פֿאַרלאָרן בײַם
בּרענען. "טשוהון איז אַבּער דער טײַערסטער
מאַטער אַל... דעריבּער דאַרף מען זען אַז
י

ס'זאָל זײַן וואָס אַ קלענערע י אָ, פֿון אים",
נ סאכארני איבּז, י. ל. פֿרומין, וואָס דאַרף מען
וויסן וועגן אָ וואגראנקע, כאַרקאָוו 1932.

אָפּבּרענגען — ט וו בּרענג אָפּ, ~געבּראַכט,
.־,געבּרענגט. 1. בּרענגען צוריק. אָפּגעבּן
אַ געלִיִענע (געפֿונענע, געגנבֿעטע אָדער
צוגערויבּטע) זאַך. ,,נו וואָס? האָט ער מיר
אָפּגעבּראַכט די צוויי הונדערט קערבּלעך,,, עט,
סערקעלע ,,תּמר האָט אויך פֿאַרלוירן די
סימנים... און דער מלאך גבֿריאל... האָט זיי
צו איר אָפּגעבּראַכט,,, נחבֿ, ,מעשׂה מבּערגיר

והעני'. „ס'איז איבערגעבליבן פֿונעם אונטערשלאַק אַ שמאָל פּאַסיקל פערקול, האָב איך עס אײַך אָפּגעבראַכט“, ממום, דאָס קליינע מענשעלע „ס'האָבן אײַך די פֿרילינג־כוואַליעס אָפּגעבראַבט צוריק די זון“, אר, ‚פֿרילינג אין קריגסצײַט', 1916.

2. צושטעלן אַ באַשטעלטע זאַך, אַן אַרבעט. „דער שנײַדער האָט אָפּגעבראַכט... אַ נײַעם גאַרניטער קליידער„, אמד, דיא קרעמערקעס ווילנע 65 ‎1. „יענע וואָך האָט... [ער] אָפּגעכראַכט אין דעם... ייִדישן שפּיטאָל באַשטעלטע מאַטראַצן„, קמ, 39 1865, No.

3. אָפּטראָגן, אונטערטראָגן עמעצן וואָס מע זאָגט וועגן אים. איבערגעבן וואָס מע האָט זיך דערוואוסט בסוד. „דערצייל אים ניט קיין סוד, ער וועט אים אָ'„.

4. אַרכ. אַוועקנעמען. אָפּהאַלטן. אָפּשאַפֿן. בטל מאַכן. „אַל דאז וואַשׂר, נוך אַל דען ווײַן קונט אים ניט נון אב ברענגן די שווערץ [=די שוואַרצקייט פֿון ראָב]“, ספֿר משלים, פֿפֿדמ 1686. „ר, הירץ שפּײַאר האָט איז [דאָס נעמען שלאָפֿגעלט] טוהן אב ברענגין„, 'בחורים־ליד', פֿפֿדמ 175o [ייִבל XIII]. „עס ווער גאָר גוט זעלכי מנהגים אב צו ברענגן“, עפּש, דרך הישר לעולם

הבֿא, פֿפֿדמ, תּמ״ה(?). ,,קיין מאַכט אין דער וועלט וועט מיך פֿון דעם אַנטשלוס אָ,,, מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואטלעהרער, דראָהאָבֿיטש 1897.

5. פֿאַרבּרענגען. לאָקל. ,,דער טאַטע איז געוואָרן אַ בּיסל שטרענגער — אַזוי ווי איך בּרענג אָפּ אַ האַלבּן טאָג אין סקול, מוז איך אָנהייבּן פֿלײַסיקער ווערן אין חדר,,, שמעון דײַטש ממונקאטש, הן גאלתּי, נ״י 1972, ז, 18.

־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

־עריי.

־

אָפּבּרענען

אָפּבּרענען — בּרען אָפּ, ~געבּרענט. אוטוו —
1. אינגאַנצן פֿאַרבּרענט ווערן בּײַ אַ שׂריפֿה.

פֿאַרצערט ווערן פֿון פֿײַער. דאָס הויז האָט אָפֿגעבּרענט כּיזן פֿונדאַמענט״. ״וואו ער וועט זײַן רבֿ, וועט אָ, דאָס שטעטל,,, פֿוול. ״דרײַ מאָל געצויגן איז ערגער ווי איין מאָל אָפּגעבּרענט״, שוו ,,אויך אויף טויטש זאָגט מן: קיינער הוטשׂ צו לכין, וועט זײַנשׂ נאַכפּרין

הוישׂ בּרענט — ער מוז זיך כּיזרגן — זײַנשׂ
בּרענדט אויך אבֿ“, בּראַנס, פֿרק כב. „וביום ה,
איין גרוסה שׂריפֿה אין מקום גיוועזן — די
פֿאָרשטעט אַלשׂ אבֿ גיבּרענט ווארין„,
בּאַלעגערניש. „און, דשׂ זאַל אבֿ בּרענן דאשׂ נימט
לעשין קאַן„, שעריר, ז, 20. „אײַער עשירות איז
אָפּגעבּרענט געוואָרן, אָבער אײַער גוטער נאָמען
קען ניט אָ'“, איבּז, דיא גליקליכע כּלה, וואַרשע
5▯18. „אַ באָד האָט אָפּגעבּרענט, אַ שטעטל...
איז אַוועק מיט רריך — נו, שאַ!“, ממוס,
'נשׂרפֿים'. קללה ▯ אָ, זאָלסטו.

2. פֿאַרבּרענט ווערן נאָר אַ טייל. “האָט מען
דאָס קריגל בּדימל צעטיילט אויף אַכט חלקימי..
נמצא האָט איטלעכן טאָג אַ ביסל אָפּגעבּרענט,
איז אַלע טאָג דער נס געשען„, סדר קשיות
ותּרוצים ודרשות של תּנוקות, ודאַרשע 1880.

3. ווערן אויס, ניט ווערן אין פּראָצעס פֿון
בּרענען. אַ האַלבּע ליכט האָט שוין אָפּגעבּרענט.
„מיר דאַרפֿן לעשן די אינטעליגענטן אונדזערע,
זיי זאָלן בּײַ אונדז ח“ו ניט אָ,... זיי געפֿינען
זיך נעבּעך זייער נאָענט לעם דעם העלישן
פֿײַער“, יעק▯ סאָטמאן, ע▯רי אנכי, בּאַרדיטשעוו
.1901

4. ווערן אַ נשׂרף. פֿאַרלירן דעם פֿאַרמעגן אין א פֿײַער. "היט אים אָפּ, ער זאָל ניט אָפּגעבּרענט דוערן, וואַרן ער וועט מיך בּאַוויינען, פֿון אים וועל איך גאָרניט קענען אויסהאַלטן", ווז, 'בּריוו, [פֿש II]. „די עלטערן פֿראַדלס וואָס האָבּן אויר אָפֿגעבּרענט, האָט ר, חיים זיי... אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב„, ממוס, שלמה.

5. אָנווערן אין אַ מסחר. האָבּן אַ שלעכטע דערפֿאַרונג. דורכפֿאַלן. זיך ענדיקן שלעכט. האַנדלען מיט תּבֿואת און אָ'. *זײַן אַ שנײַדער דרײַ יאָר און אָ, = זײַן אַ שלימזל, ניט טויגן צו קיין שום מלאָכה.

6. אויפֿהערן בּרענען, זיך היצן, זיך קאָכן. „אַז עס הייבּט אָן צו שפּאַרן אָט דאָ אונטער דעם לעפֿעלע, איז איין בּרירה: עפֿן אַ מויל, בּרען אָפּ, גיבּ אַרויס וואָס דאָרט אין דיר איז„, ממוס, שלמה

סרוו — 1. אַרומבּרענען. טיילווײַז פֿאָרבּרענען. אָ, האָלץ אויף קוילן. 2. צוגרייטן שפּײַז דורך האַלטן אויף אַ פֿײַער. אָ, קאַווע. אָ, גערשטן. אָ, אַ לעבּערל אויף קוילן. 3. אַראָפּנעמען, אַראָפּקריגן דורך בּרענען. אָ, אַ בּראָדעווקע. אָ, ווילדפֿלייש. 4 פֿאַרניכטן דורך

גרויסער היץ. „אַ גאַנצן חודש האָט ניט
גערעגנט. די הייסע זון האָט אָפּגעבּרענט (די
תּבֿוּאה אויף) די פֿעלדער“.
5. איבּערבּרענען. דורכבּרענען (און אָפּטיילן).

1.718

„און ווען זיא פֿירטיג זײַנן מיט דעם נ□און
[□: נייען], זאָלן זי דעם פֿאָדם אָפּ כּרענען אונ,
ניט אָפּ שנײַדן„„ עח, נג/ב.
6 פֿאַרשאַפֿן ווייטיק אָדער מאַכן אַ וואונד
.
דורך אַ בּאַריר מיט פֿײַער אָדער אַן
אָנגעהיצטער זאַך. אָ, אַ שפּיץ פֿינגער. אָ, די צונג מיט
צו הייסער קאַשע. אָ, עמעצן מיט אַ פּאַפּיראָס.
7. בּרוין ווערן (פֿון דער זון). „וואָרן מײַן
שוו□ □רצקייט איז נישט פֿון געבּוירנהייט...
נאָר דאַנק דעם... וואָס ער האָט מיך
אָפּגעבּרענט (ששזפֿתני השמש)„„ איבּז, ספֿר ע)יח
ספֿו ניס. פֿיג: „די זון־שטראַלן פֿון פֿרײַהייט
דאָ אין לאַנד האָט מיך אָפֿגעבּרענט און שוואַרץ
געמאַכט“, ש ג. הרכּבי, די געליהענע האַק,
בּאָסטאָן 1911. „אויך דער דוינט בּרענט אײַר

אָפּ“, פֿאָר, 196 II 19.

מיט ז י ך — זיך אָ, אַ פֿינגער. זיך אָ, דעם רוקן, דאָס פּנים אע. *זיך אָ, די פֿינגער= דורכפֿאַלן, צולייגן געלט. „צי קען אימעצער אויף ןשאַר אַרומגיין און זיך די פֿיס נישט אָ, ן“, מס, משלי תקע„ד, ו, 28. „וויבאַלד דו ועסט דיר אָנשמירן די האַנט מיט מילך פֿון אַ ציג, מעגסטו האַלטן בײַ הייסן אײַזן, וועסטו דיך ניט אָ'“, איבּז, הנהגות טו ות, וואַרשע 1897. *זיך אָ, די פ ל י ג ל = פֿאַרלירן די האָפֿענונג צו קענען שטײַגן, דערגרייכן אַ ציל.

אָפּבּרען, דער. ונג. ־עכ ן. ־עניש. —ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָפּבּרעקלען — טרוו ־קל אָפּ, .„געבּרעקלט.

אָפּרײַסן, אָפּבּרעכן בּרעק עכויי ז. אָפֿקרישלען.

אָ אַ שטיקל פֿון בּרויט. פֿיג: „ער האָט פֿאַר,

צויגן די אויגן מיט שטרענגקייט, אויסגערעדט איינציקע ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעבּרעקלט“, מ. י שעליובּסקי, אין דער וועלט אַרײַן מיט ז י ך — 1. “איינער נאָך דעם צווייטן

האָבן זיך די שטיינער פֿון דעם נײַעם ייִדישן בנין אָנגעהויבן אָפּצובּרעקלען,,, קאָר 2 .II. זיך אַנטשליסן נאָך אַ לאַנגער קווענקלעניש. ,,נו, קום שוין, בּרעקל זיך אָפּ,,. ־עכ ן. ־עניש.

אָפּבּרעשען — טרוו ־שע אָפּ, ~געבּרעשעט.

סל. אָפּרעדן, אָפּזאָגן, אָפּפּלאַפּלען אַזוינס וואָס עס קלעפּט זיך ניט איינס צו דעם אַנדערן.

אָ, ווי אין היץ ־עניש.

.

אָפּגאָב — דער, ־ן. 1. צוריקצאָלונג מיט דער זעלבּער מטבּע. ,,אַן אָ, פֿאַר אַ גאָבּ".

2. הוצאָה, קאָסטן. פֿאַרקלענערן די אָ'ן און פֿאַרמערן די הכנסה.

3. שטײַער, באַשטײַערונג. צינז. טאַקסע. צאָלן כּלערליי אָ'ן. ,,האָבּן זיי אים קיין צינז געצאָלט און קיין אָ'ן,,, ר, יע ב מדובנא, משלי חכמה, ווילנע תּר"נ. ,,אין פֿראַנקרײַך... מעג אַ פֿאַרליבּטער קוקן אויף דער לבֿנה, ניט צאָלנדיק אַן אָ, דערפֿאַר,,, ווינטש I. ,,און מואב איז געוואָרן צו דודן קנעכט וואָס בּרענגען אָ, ['נושאי מנחה'],,, תּי, דבֿרי־הימים א, יח, 2.

אָפּגאַבן — מצ. [אצ: אָפּגאַבּע — זן.] קורלאַנד. דטשמ שטײַערן. ,,עס וואַר אַמאָל אין אַ שטאָט

אָפּגאָט

דרײַערליי אָ, און איבער יעדן אָפּגאַבע וואַר אַלץ
איין באַזונדער ממונה,,, אמד, מלאכת מחשבת,
ווילנע תּרב,,ד. ,,שרעקלעכע גרויסע נאַלאָגן (אָ,)
וועלכע מע האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די ייִדן‘‘,
קמ, 1864, No 14. ‘‘דאָרט הערשט אַ וויצעקעניג
וועלכער צאָלט דעם סולטאַן נאָר אַ געוויסע
נתינה (אָפּגאַבע),,, ייִפֿאָל, 1881.
אָפּגאַגאַטשען — אוטוו ־טשע אָפּ, ~

גאַגאַ

טשעט פֿאַרענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט

.

אַרויסגעבן קלאַנגען ווי אַ גאַנדז אָדער אַ
קאַטשקע. ,,אַ גאָנער מיט זײַן פּעקל קליינוואַרג...
שטרעקט אויס דאָס העלדזל, גאַגאַטשעט אָפּ אָ
מה־טובו בלשון ונוסח גענדזנש,,, ממוס, שלמה
אָפּגאָגאָטשען — אוטוו ־טשע אָפּ

גאָגאָ. י.,

טשעט. רוסיצ. הילכיק לאַכן אַ לענגערע
צײַט. אָ, אַ גאַנצן אָוונט ווי יונגע מיידלעך.
אָפּגאַגערן — ־ער אָפּ, ~געגאַגערט. אוטוו —
דזוו אָפּגאַגאַטשען. טרוו — 1. עפּעס אָפּזאָגן,
אָפּרעדן גיך, אומקלאָר, עטלעבע ווערטער מיט

איין מאָל. אָ, ביז האַלבער נאַכט. 2. דורך
גאַגערן עפּעס אויסדריקן. אָ, די
אומצופֿרידנקייט מיטז נײַעם בעל־הבית.
אָפּגאַווערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געגאַווערט.
באַנעצן מיט גאַווער. „דאָס עופֿעלע האָט מיר
אָפּגעגאַווערט די בלוזקע„. פֿיג. אָ אָ רעדע.

,

אויו מיט ז י ך.

אָפּגאָט — דער, ~געטער. M▯d: a1)־got.

1. געץ, אידאָל. גאָט בײַ געצנדינערס.
פֿאַלשער גאָט. פֿאַלשער, בלינדער, ליימענער אָ„.
רײַכלין 8 פֿאַרטײַטשט 'האלילים, (ויקרא, יט,
4): „אָפּגוטא„. מסז פֿאַרטײַטשט 'אלהי מצרים,
(שמות, יב, l2): „אב געטר“. „שנידן אב זײַן
הויבט צו האַנט. זיא שיקטן עשׂ אין איר לאַנט
אין איר אָפּגוטר הויַזער„, שמואל־בוך,
סטראָפֿע 833. “דיא אב געטר דינן אויף אַלי
היך זאָלן פֿאַר ווישׂט זײַן“, ברכּת המזון,
אַמסטט 1723, לבֿ/ב. „איין ליסטגר קלוגר מן...
ווענט פֿאַר וואול... אויב ער זאָל גלייבן איין
אב גוט„, סהמ, משלי, יד, 15. „דוא ווערשׂט
נעמן פֿון זײַנן טעכטרן צו דײַנן זונן אונ, זיא
ווערדן אונשטעדיגן נאָך אירן אפּגוטן„, טח,

שמות, לד, 16. ‟זאָלסט ניט האָבן קיין אָ', אַן מיר זאָלסטו ליבן פֿרי און שפּעט,,, יענטע בּת יצחק, עשרת הדבּרות בּיכל, אָנהייבּ 19. י״ה. ‟אומעט איז אַזוי ווי דינען אָפּגעטער,,, זש, שקלאָווער קינדער. ,,ער לעבּט נאָך, דער גאָלדענער אָ', ער שטייט נאָך און פֿינקלט און בּליצט,,, פֿרוג II. ,,זיצט ווי אַ כינעזישער אָ', די אויגן אויסגעסאָלאָפּעט,,, ש. גאָדינער דער מענטש מיט דער בּיקס II, מאָסקווע 1933, ז, 117.

2. פֿיג אידיי, גרופּע אָדער פּערזאָן, וואָס מען איז טיף אײַנגעגלייבּט אין איר, וואָס מע פֿאַרגעטערט (אָנגערופֿן פֿון אַ זײַטיקן וואָס האַלט ניט אַזוי אָדער ווען מע האָט שוין געבּיטן די מיינונג). זיך דערוויסן דעם אמת וועגן טויטן אָ,. זײַן פֿאַריאָכט אונטערן אָ,. מאַכן

אָפּגאַלאָפּירן

אַן אָ, פֿון דער פּאַרטיי. ,,ווי האָסטו דען נאָך מער מצווה ווי עוקר מן השרש זײַן אָט אָ די ייִדישע אָפֿגעטער‟, ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות, אַדעס 7 83 1, No. ,,קוים פֿלעגט איין אָ,

פֿאַרשווינדן, שוין פֿלעג איך צום צווייטן זיך בוקן,,,
יהואָש, ,פֿאַרלאָרענע אמונות', 1905.
אָפּגאַלאָפּירן — אוטוו. ־פּיר אָפּ, ~(גע)
גאַלאָפּירט. אָפּרײַטן אין גאַלאָפּ. אָ, ביז דער שימל
ווערט באַדעקט מיט שוים.
אָפּגאָלד — דאָס. מצ וב. נעאַל. דאָס וואָס
האָט אַ שײַן ווי גאָלד, וואָס דערמאָנט אָן גאָלד.
,,דאָס טאָגיקע אָ, אין נאַכטיקע שנייען, ווי
פּראָסטיקע פֿונקען פֿאַרזיגלט אין געגנט,,, סוצ,
געהיימשטאָט
אָפּגאָלדן — טרוו גאָלד אָפּ, ~געגאָלדט. דזוו
אָפּגילדן. ספּעצ־ געבן עמעצן אַ סך גאָלד
(געלט). אָ, פֿאַרן דערלויבן אַרײַנצופֿאָרן. אָ,
פֿאַר די פֿאַלשע דאָקומענטן ־ונג.

אָפּגאָלן — טו.וו גאָל אָפּ, ~געגאָלט. 1.
ענדיקן גאָלן, פֿאַרטיק ווערן מיטן נאָלן.
אָפּראַזירן, אַראָפּנעמען האָר מיט אַ גאָלמעסער.
אָ, באָרד און פּ(י)אות. אָ, דעם האַלדז פֿאַרן
שעכטן. ,,אַלטע ערלעכע לײַט פֿאַלן אין גלות
אַרײַן און מע גאָלט זיי אָפּ די באָרד און
פּ־אות,,, משה בר, ותן נטע איבז, שבֿט מוטר,
סודלקאָוו תקצ,,ג. ,,ער האָט אים... אינגאַנצן

אָפּֿגעגאָלט און געזאָגט... אַז [ער וועט]...
גענעזן ווערן,,, ממוס, מסעות.
2. פֿיג. אָפּנאַרן. אויסנאַרן. אויסשטעלן נקי.
,,ער גאָלט זיי נעבעך אָפּ [= נאַרט זיי אָפּ],,,
ייִל, דאָס משלחת, אַדעס תּרל״ה.
3. פֿיג. אויסהאַקן ביימער, גאַנצע וועלדער.
״דער סוחר האָט אָפּגעגאָלט די גאַנצע געגנט,,.
״זיי האָבן די נאַטור אָפּגעגאָלט, געלאָזט נאַקעט
און מיט דעם אַוועקגעהרגעט דעם קלימאַט פֿון
לאַנד,,, סעג, מײַנע זיבן אָר אין תּל־אָבֿיבֿ.

מיט ז י ך — ,,האָט אים דער רבי געשיקט
אין מרחץ און זאָל זיך אָ',,, ספֿר אהלי צדיק,
פּרעמישלע.
־עניש. ־ער — 1. ווער עס פֿאַרנעמט
זיך מיט (אָפּ)גאָלן. 2. ווער עס גאָלט אָפּ
דעם קאָפּ. 3. שווינדלער, אָפּנאַרער. ־ערײַ.
אָפּגאָלען — טרוו. ־לע אָפּ, ~געגאָלעט. פּפֿ:
~גאָליען. i! 8o: <. אָפּגעווינען (
צונעמען) אַלץ בײַ עמעצן, לאָזן אים גאָל, הויל.
אָפּגאַנג — דער, ־ען, ~געגנג. —abe :d M<
1 .gan. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּגיין. אָ,

פֿון באַן 8 פֿרי. אָ, פֿון אַקטיאָר פֿון דער בינע.
"די קינדער אַפֿילו וואָס שפּילן בײַם ראָג, זיי
ווערן אויך שטילער בײַם אָ, פֿ ן טאָג", אר,
'די זון'. 2. דאָס פֿאַרשווינדן, דאָס ענדיקן
זיך. "גייט דער מענטש צום אָנהייב דורך אַזוי
פֿיל סופֿן, / טראָגט ער אַ, צו זײַן אָנגאַנג אויף
דער ערד", אפֿא, לויטער. קוואַל, ז, 31.
,,האָב געטראָגן הויך מײַז ווײַסן קאָפּ אַנטקעגן
אָ, פֿון לעצטער שעה,,, הל, 'אַ שטימונג'. ,,כײַ

1 19

אים איז אַלעמאָל געווען דאָס געפֿיל פֿון אָ',
ד ס גע !יל אַז ס'איז נאָך אַלעמען,,, שנ, ייִד,
 רײַבער אין ס יו, רוסלא[ד, נ"י 1958
3. פֿאַרלוסט, אָנווער. ,,ווא מע האָט ריכטיק
א יפֿגעצויגן די הינדלעך, האָט מען געהאַט
אַן אָ'... ניט מער פֿון 3־4 פּראָצענט,,,
באַהערשן די טעכניק פֿון דער סאָצ,
לאנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע, כאַרקאָוו 1932,

.No 2

4. (וועגן סחורה) אָפּזאַץ־מאַרק. סחורה מיט

(אָן) אַן אָ'. „די דאָזיקע סחורה פֿלעגט דערנאָך... צעפּירט ווערן אין אַלע ליטווישע שטעט וואו עס האָט געהאַט אַ גרויסן אָ'“, ממוס שלמה ״זייער אַ ווינציקער אָ, אויף ווײַן און אָנגעגרייט האָט מעז אַ סך“, קמ, 17 1870, No.

5. (ווענן וואָלוטע) פֿאַרשפּרייטונג, אַקצעפּטירונג. „פֿריִער האָבן געהאַט אַן אָ, זילבערנע מטבעות“, ע לעף, ייִבל 7 ,XIII־8. „דער אַמעריקאַנער דאָלאַר האָט אַן אָ, אין דער גאַנצער וועלט„.

6. (וועגן אַן אידיי, אַ שיטה) צוגעגרייטער באָדן זיך אָנצונעמען. „ייִדן־האַס האַט [אין דײַטשישן רײַך] געהאַט אַ גרויסן אָ',„ בּ ריווקין, פֿאַש, 51 1948' No.

7. אויסשיידונג פֿון קערפּער, צואה. עקסקרעמענט. אָפּזעצן אָ'. ״עשׂ עסט פֿון דעם דשׂ זײַן מוטר עסט... אונ, עשׂ האָט קיין אָ„ מהמ, אמשט 1722, עב/ב. „אַז מע באַמערקט אַ פֿאַרענדערונג אין דעם אָ, פֿון אורין... דאַרף מען... באַלד פֿרעגן אַ דאָקטער„, בלעטער, 37 No. „ווען מע זעצט אַרײַן דעם טערמאָמעטער... אין דעם אָ'־קאַנאַל, דאַרף עס געטאָן ווערן ווי געהעריק„, פֿגעז, פּאַריז 1951, 5.. No.

8. אָפּטריט, בית־הכסא. „אַזוי ווי מיט אַן

אומריינער שמאַטע מע ווישט אויס אַן אָ,,,,
י קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930. 9.
אָפּגיס, רינע, אָפּפֿלוס. ,,מע דאַרף מאַכן אַן אָ,,
דאָס וואַסער זאָל ניט פֿאַרפֿלייצן דעם וועג".
1O. געהיימער גאַנג, שמאָל, באַהאַלטן וועגל.
לינקס אַן אָ, צום קעלער. ,,זיי האָבן זיך
געראַטעוועט דורכן אָ, פֿון אַלטן שלאָס,,.
אָפּגאָנערן — אוטוו ־ער אָפּ, ..,געגאָנערט.
-
1. אָפּפלאַפּלען. 2. אויפֿהערן זיך אויפֿצופֿירן
וו אַ גאָנער, זיך פֿירן מיט נאַרישן שטאָלץ.
י
אָ, און זיך נעמען צו שוואַרצאַרבעט. אויך
מיט ז י ך.
אָסגאַס — די, ־ן. זײַטיקע גאַס. "האָט ער
געבויעט אַלערליי בנינים און אָ'ן צו דער
שטאַט", נצ2 יט/ב.
אָ גאָס — דער, ־ן. פֿרגל אָ
2. אָפּגוס, רער
פּגוס. 1. אַקט
אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּגיסן.
אָפּצופֿירן אומריין וואַסער. 3. רערל
אָפּצופֿירן וואַסער אין אַ ליולקע־ציבּיק.
אָפּגאָסטיען — אוטוו ־סטיע אָפּ, ~

געגאָס.
טיעט. רוסיצ (פֿאַרענדיקן) זײַן אַ גאַסט.
‟נאָכן אָ, צוויי טעג... איז געבֿליבֿן... [ז]

אָפּגוואַלדעווען

זאָל פֿאַרבֿלײַבֿן אויף שכּת‟, ייִל ניט טויט כּיט
לעבֿעדיק, וואַרשע תרנ‟ח.

אָסגאַען— אוטוו ־פּע אָפּ, ~געגאַפֿעט. פּטרן
.
צײַט גאַפֿענדיק, קוקדיק סתּם מיט אַן אָפֿן
מויל. אָ, אַ טאָג בײַ דער אַרבֿעט.

אָפּגאַפֿן זיך — אוטוו גאַף זיך אָפּ, זיך י.,
געגאַפֿט. זיך אָפּוואונדערן. קומען צו זיך נאָך
אַ פלוצעמדיקער דערשײַנונג, נאָך אַ
פֿאַרכאַפֿנדיקער פּאנאָראַמע

אָפּגאָץ — דער. נעאָל. מיט ביטו אַנשטאָט

אָפּגאָט. „דער אָ, וואָס לײַטע, רופֿן
מענטשהייט„, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי, ז, 327.

אָפּגאַראַנטירן — טרוו & אוטוו. ־טיר אָפּ,
~(גע)גאַראַנטירט. 1. רב זײַן פֿאַר אַ צאָל,

אַ סך מאָל. אָ, איז כאַנק (גמילות־חסדים־קאַסע)
פֿאַר אַלע לאַנדסלײַט פֿון שטעטל. 2.
אויפֿהערן גאַראַנטירן. מער ניט גאַראַנטירן. ״שוין
עטלעכע מאָל אַרײַנגעפֿאַלן. אָפּגאַראַנטירט.
מער גאַראַנטיר איך ניט״. ־ונג.
אָפּגאַרטלען — טרוו ־טל אָפּ, ~געגאַרטלט.
עפֿענען, אַראָפּנעמען אַ גאַרטל. אויסטאָן אָ
גאַרטל און דאָס וואָס איז אָנגעבונדן אָדער
הענגט אויפֿן גאַרטל. „לאָז פֿונאַנדער דײַן באַנדע
און גאַרטל שוין אָפּ דײַן בלוטיקז שווערד
פֿון דײַנע לענדן״, אמד, דאָס קינד אין וואַלד,
ווילנע 1876. „האָט שווײַגנדיק אָפּגעגאַרטלט
פֿון זיך דאָס שטריקל„, ייִסי אַלטמאַן, יוגנט,
קיִעוו 1941. מיט ז י ך — אויך: זיך
באַקוועם מאַכן, זיך פֿילן פֿרײַער. —ונג. ־עניש.
אָפּגאַרן — אוטוו. גאַר אָפּ, ~געגאַרט. שטאַרק
וועלן און וואַרטן אויף עפּעס אַ לענגערע צײַט
אָדער אויפֿהערן. אָ, נאָך איינער און קריגן
אָ צווייטע ־עניש.

.

אָפּגאַרעווען — טרוו ־רעווע אָפּ, ~
געגאַרעוועט. וורר. אוקר (באָנדערײַ) צופּאַסן,
צוזעגן, צוהובלעז און צונויפֿקלעפֿן אַ פּאָר

ברעטלעך פֿון אַ פֿאַס. אָ, אַ פֿאַס.
אָפּגאָ'רעסן — טרוו ־עס אָפּ, ~געגאָרעסט.

(וועבעריַי) אָפּוועבן לאַנגע און געדריידלטע וואָלענע פֿעדעם.
אָפּגדלען זיך — [... גאַדלען...] רעפֿל גדל זיך אָפּ, זיך ..־,געגדלט. זיך מאַכן גרויס אַ לענגערע צײַט אָדער אויפֿהערן גדלען זיך. אָ, זיך מיט אויסגעטראַכטן יחוס.
אָפּגדרן — [... גע'דערן] טרוו גדר אָפּ, ~ געגדרט. אָפּצוימען. מאַכן אַ גדר. מאַכן אַ מחיצה. אָ, דעם רשות־היחיד פֿון רשות־הרבים. אָ, דאָס וואָס איז קדוש פֿון דעם וואָס איז חול. מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון אַלע גויאישע געגג.
אָפּגוואַלדעווען — אוטוו ־דעווע אָפּ, ~ געגוואַלדעוועט. 1. ענדיקן, אויפֿהערן גוואַלדעווען. 2. גוואַלדעווען אַ לענגערע צײַט. ,,די ווײַבל האָט אָפּגעגוואַלדעוועט אַ גאַנצע נאַכט, ביז גאָט האָט געהאָלפֿן פֿינף אַזייגער

פֿאַראָפּגווינטן

טאָג... געהאַט... אַ צווילינג“, פּינסקער אָ שטאָדט—לוח, ווילנע תּרס,,ד. 3. טרוו.

אַרויסבּרענגען עפּעס מיט קולות. אויסשרײַען הויך. "בּאַלד נאָך כּל־נדרי, ווען דער גאַנצער עולם האָט מיט מסוכּן־היכּע קולות אָפּגעגוואַלדעוועט זיבּן מאָל אַ נײַעם פּסוק..."‚ בּערג, בּאַס דניעפּער I, ,עמעס', ז, 363.   אויך מיט ז י ך.

אָפּגווינטן — טרוו גווינט אָפּ, ~געגוו□נט. (סטאָליערײַ, שלאָסערײַ) אָפּדרייען, אַרויסדרייען גווינטן. ־עניש.

אָפּגווילן — טרוו. גוויל אָפּ, ~געגווילט.: M□d gougeןn + ab(e). ארכ אָפּנאַרן ווי אַ שפּאַס, וו אַ טייל פֿון אַ שפּיל (אַרויסגנבֿענען ׳ עפֿעס פֿון קעשענע, מע זאָל ניט בּאַמערקן). „אים בּגראָבּן נעבּן מוזיקאַנטן... זאָל בּלײַבּן. אָדער נעבּן קלייני קינדר דס ער זיא אַלים אבּ גוילן קאַן", איילען שפּיגעל, בּרעסלויא, געדרוקט אין דיזעם יאָהר / ווא בּיער טײַער וואַהר [אווע III].   אָ

אָפּגולמען — [... גוילעמען] אוטוו. גולם אָפּ, ~געגולמט. נעאָל.   אויפֿהערן זײַן אַ גולם. „בּעש"ט: נו, גולמל, שוין אָפּגעגולמט?„, צײַט, יע□ב פּראנק

אָפּגוס — דער, ־ן.   1. אײַנגעבּריטע אָדער

אַרײַנגעשטעלטע כּלי מיט אַ רער אַרויס, אָפּצופּירן אומריין וואַסער. "די שמוציקע וואַסער פּונעם וואַשן גיסן מיר צוריק אויס אין אָ'",
ט. בּערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927. 2. געשטעל זיך צו וואַשן, צו וואַשן כּלים אָדער וועש. אײַנווייקן אויף איבּערנאַכט ווינדעלעך אין אָ'. „אין לאָדזש האָט מען שטענדיק געניצט דאָס ויאָרט אָ, פּאַר 'סינק'... אָ, איז שוין אַן אַלט, אײַנגעזעסן וואָרט", דוד בּעדעזעך, ייִשפּ XII, 3.
3. רער, רינע, רינשטאָק. "אַנומלט האָט זי אָפּגעקאָכט פּיש און זיי אַרויסגעשטעלט אָפּקילן אינדרויסן אויף דער קראַטע פּון אָ', וואו עס רינט אָפּ דער בּרוד פּון דער גאַנצער שטאָט„, דזג, טמז 19□7.
4. קאָפּיע. מאָדעל געמאַכט דורך אָפּגיסן, דורך לאָזן פּאַרטריקענען אַ פּליסיקע מאַסע אין מעטאַלענער אָ, פּון מאָנומענט. אָ אַ פּורעם. גיפּס־אָ, פּון דער פּרײַהייט־סטאַטוע.

5. געשטאַלט. מהות. פּורעם. „אַלע סתּירות דריקן זיך אויס אין דעם אָ, פּון זײַן נשמה", בּעמ 6 I. דאָס וואָס מע קען צעשמעלצן אַרן אָפּגיסן. אַן אָ, פּון טשוהון. *„די גאַנדז

איז איין אָ'—פֿול מיט שמאַלץ". 7. תּמצית, קיצור פֿון בּייזע רייד. אָ, פֿון קריטיק. אָ, פֿון רכילרת.

אָפּגוססן — [... גויסעסן] אוטוו אימפּ. איצ נבּ ,געגוֹססט. גוֹססן אַ לענגערע צײַט. אָ, עטלעכע מעת־לעת.

אָפּגורטן — טרוו. M d: abegi rten. דזוו אָפּגאַרטלען. ,,כּמפֿתּח — אזא דער דש שווערט אבּא גרטט. ל, ויפֿתּח,,, רײַכלין 8, מלכים א', כ, 11.

1 2()

פּגזלען — [... גאַזלען] טרוו. גזל אָפּ, ~ געגזלט. 1. ענדיקן גזלען. ניט גזלען מער. 2. גזלען אַ לענגערע צײַט. אָפּעגזלט אַ גאַנץ לעבּן.

3. בּאַגזלען. צונעמען דורו גזילה. ,,מיט געווער אין די הענט גייט און נעמט אָפּ די ערד בּײַ די וועלכע עס האָבּן זי בּײַ אײַך אָפּעגזלט", בּן חופֿש, א פּאָליטישע אָדער א סאָציאַלע רעוואָלוציע ן, l905. "איז איינר איין מלמד און, לערנט מיט זײַני תּלמידים ניט בּאמונה... ער זייני בּעלי בּתּים דשׂ איריג

אבֿ גזלת“, עפּש, דרך הישר לעולם הבֿא, פֿפֿדמ תּמ״ה(י), עד/א. “וועו איין מענש אין זײַן צוואָה... מאַכט אויף בּתּי מדרשים..., דא שרײַאט איין קינד: מײַן פֿאטר ווירט גווישׂ קיין חלק עולם הבֿא האבֿין, דז ער מיר דאשׂ מײַניגי אבֿ גזלתֿ,,, שלמה וועצלער, חק▯רות הלב, אמעtט תּצ״א.

פגטן — [... געטן] טרוו גס אָפּ, ~געגט.

געבֿן אַ גט (דער מאַן — זײַן ווײַבֿ, די ווײַבֿ — איר מאַן). ,,זי האָט אים אָפּגעגט“=עס איז געווען איר איניציאַטיוו. ,,ער האָט יענע אָפּגעגט... האָבֿ איך זיך געטראַכט: דאָס איז אַ גוטער פּאָדלעץ,,, אמד, יעקעלע גאָלדשלעגער, זשיטאָמיר 1868. ,,דער וואָס פֿאָרט קיין טאָמאַשאָוו באַדאַרף צומערשט אָ, זײַן ווײַבֿ“, אַש תּהילים—ידד.

2. דורכפֿירן די פּראָצעדור פֿון גטן. ,,דער רבֿ האָט אָמגעגט דאָס פּאָרל,,.

3. איבֿעררײַסן אַ פֿרײַנדשאַפֿט. ,,ער איז צו אָפֿט געקומען נאָך גמילות־חסדימלעך, האָבֿ איך אים אָפֿגעגט“.

מיט ז י ך — קזוו. ,,איך האָבֿ צו 70 יאָר מיך אָפּגעגט מיט מײַן אַלטיטשקע און האָבֿ חתונה געהאַט פֿאַר אַ יונגע בּתולה“, אַבֿרהס

יצחק בּוכבּינדער (איש אָדעסא), דער
בּלומענגאָרטען, ווילנע 1885.   אויך: זיך אָפּטיילן,
זיך פֿונאַנדערגיין. "די ייִדישע רעליגיע לאָזט
זיך ניט אַזוי לײַכט אָ, פֿון אַ ייִדישער
דערציאונג", זשיט X, נ"י 1919. „איך האָב מיך
געוואָלט... אָ, מיט דער וועלט", פּרץ, 'יענקל
פֿעסימיסט,.

פגיין — אוטוו גיי אָפּ ב י ן ▯ .„געגאַנגען.

אויך: ▯, ▯ עגאַן (פר), ~געגאַנען. —Mhd: ab
gân.   1. ענדיקן גיין, ניט גיין מער. „דער
זייגער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שעה און זיך
אָפּגעשטעלט". „זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ ווײַל
און געשוויגן„, אָפּא, 'מיידלעך'. „איך בּין מיט
יעדן ווינטעלע שוין אָפּגעגאַנגען אַ טאַנץ„, פּמ
2. גיין אַ לענגערע צײַט. „טעג פֿלעגט ער אָ,
פֿון הויז צו הויז מיטן פּעקל אויפֿן רוקן".
3. אַוועקגיין אין אַ זײַט. אָפּטרעטן. זיך
אָפּרוקן, אָ, אין (אָן) אַ זײַט כּדי ניט צו שטערן,
ני▯ן אונטערצוהערן. אָ, רעכטס (לינקס). אָ, אין
קוליס. אָ, אויף עטלעכע טריט. „גיי אָפּ...
אָן אַ זײַט... בּיזוואַנען איך וועל זיך מיט
איר אויסרעדן", ש בּעקערמאַן, טרײַער משרת,
וואַרשע תּרמ"ג, ז, 41. „ער איז אָפּגעגאַנגען

אָפּגיין

אין אַ זײַט צו דער שאַפֿע ספֿרים,,, י.
ווירניקאָווסקי, שלש־סעודות צײַט, באַרדיטשעוו 1899.
,,ר, אפֿרים איז אָפּגעגאַנגען מיט בת־שבען אָן
אַ זײַט אום דער ייִנגל זאָל ניט הערן“, בלעטער,
No 17. “דער טאַטע פֿלעגט אָ, פֿון זײַן מקום
קבוע... ער זאָל קענען קוקן אויף די
ספֿריתּורות,,, לדבֿ, נ,,י תּשי,,ז, רכז.
4. אינגאַנצן אַוועקגיין. אין אַ באַשטימטער
צײַט פֿאַרלאָזן אַן אָרט. “די באַן גייט אָפּ זיבן
אַזייגער אינדערפֿרי“. ,,די שיף ועט אָ, נאָך
הײַנט אָוונט“. אָפּלייגן דאָס אָ, פֿון עראָפּלאַן.
“שיק... דורך הײַטיגן אבגיהנדי לאַנד קוטש
איין באַלין פֿאַרנצ, זײַדן שטאָפֿין,,, אגרת
שלמה, ד/א. ,,קיינער זאָל אַהער ניט צוגיין
און קיינער זאָל פֿונדאַנען אָ',,, פּמ, די קופּע.
5. פֿאַרגיין. זײַן אין פּראָצעס פֿון ניט־ווערן.
,,שטאָלץ גייט אָפּ די זון, אין פֿורפּור געהיט,,,
פּרץ, לידער און פּאָעמען. ,,די וועלט וואָס מיר
גייען פֿון איר אָפּ איז גלײַך צו אַ חתונה“,
דרכי עולם, ווילנע 1866. ,,שטיל גייט אָפּ דער
טאָג פֿאַרגייט אין טײַך פֿון גאָלד,,, אײַדא

...
מאזע, היימיש, 1960 I l5. ,,פֿאַר יעדן טאָג
אָפּגייענדיקן האָבּ איך אַ סטענגע צו מײַן פֿענצטער
צוגענעגלט", א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון
ליבּשאפֿט.

6. ארכ (אייפֿעמיסטיש) שטאַרבּן. זיך פֿעלן.
,,ווען... איינר מעכט אבּגעהין, זאָלל הקבּרני
פֿאַן שער בּית עלמין דיא מטה טראגין בּיז
צום קבֿר,,, 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא,,
תּנ"ב [□□□□□□□ .□□d□□□□]. ,,אובֿ דאשׂ יתום
... אבֿ גינג, דא הובּן מיר אַזוי גימאַכט...",
'שו"ת הרמ,,א', קראָקע 1640 [הש I]. ,,קיין
פֿרואה איז ניקשׂ צו טרויאן. גייאט איר דער
מאַן אפּ, מעכט זיא גערין דען ערשטן טאָג
איין אַנדרין האָן,,, עיון, ו/א. אָ, אין דער
אייבּיקייט (אַרײַן).

7 פֿאַרבּײַגיין (וועגן צ ײַ ט). אָפּלויפֿן. ,,די
.
צײַט פֿון רו גייט שוין אָפּ און איר האָט זיך
נאָך ניט צוגעזעצט". ,,די צײַט זיך צו
רעגיסטרירן פֿאַר די וואַלן איז שוין אָפּגעגאַנגען,,..
"דער טערמין צו בּאַצאָלן דעם חובֿ וועט בּאַלד
אָ',,. ,,..., דר פֿילט האבן... דאשׂ יאַר... אבֿ
גנגין איז", ר, אליקוט חזן מק"ק קאמארנא

איבז, שי, אמע)ט ת,,ס. ״עס איז אַ צימלעכע ווײַלע אָפּגעגאַנגען איידער דער סענדזאַ [= ריכטער] האָט זיי זיך רעכט איבערגעלייגט און אויסגעטײַטשט,,, קלמן סוביל, דעך דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894. *עס גייט אָפּ א מינוט צום... = מע האַלט אָט אָט

-

בײַ.... ,,ס'איז מיר אָפּגעגאַנגען אַ רגע צו פֿאַלן צו אירע פֿיס״. ,,עס גייט מיר אָפּ פֿינף מינוט אָנצונעמען דעם לעבנס־וויכטיקן באַשלוס״. ״ס'איז מיר אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צום חלשן,,, שע, דאָס גרויסע געווינס. *עס גייט אָפּ אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך = אַן אומבאַשטימטע לענגערע צײַט.

8. צעגיין. צעשמאָלצן ווערן. אָפּלאָזן (וועגן עפּעס וואָס איז פֿאַרפֿרוירן). ״דער פֿראָסט גייט אָפּ״. ,,דער טוי וועט באַלד אָ',,. ,,די

פֿאַרפֿרוירעאָפּגיין

נע ערד גייט אָפּ מיט די ערשטע פֿרילינגשטראַלן״. דאָס אײַז גייט אָפּ. דער טײַך גייט אָפּ. די פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטער גייען אָפּ. ״אַז

די זון גייט אויף, גייט דער נעכל אָפּ,,, שוו
“דא דער שנייא איז אָפּ גגאַנגין האבן אונזרי
בּעלי בּתים איין ראַט גיטאן פֿאַר דיא גוים
וועלכע ווערט גיפֿינדן איין הרוג“, שו“ת פּני
יהושע, אמשט 1715 [הש I]. ,,אַן ווינטער, ווען
דאָס פֿלייש געפֿראָרן א□ז, זאָל מען עס ניט
אויסזאַלצן, בּיז עס אָפּגייט, דאָס גאָרנישט
דראָן געפֿראָרן בּלײַבּט“, שלחן ערוך אורח
חיים, ווילנע תּקע“א. ,,קויפֿט ער אַ געפֿרוירענעם
עפּל, וואָס אַז ער גייט אָפּ פֿון פֿראָסט איז ער
דאָך טאַקע טעם גן־עדן“, שע, 'קאָנקורענטן'.
,,ווי נאָר עס איז אָפּגעגאַנגען די קרירה און
דאָס שמאָלע טײַכל האָט אַרויסגעשפּאַרט פֿון
זײַנע כּרעגן...“, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס ז□.נען
מיר, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932. ,,פֿון דער
וואַרעמקייט איז דאָס געמעלעכץ [אויף די שויבּן]
בּאַלד אָפּגעגאַנגען“, בּאש, פֿאָר, 19 XI 1965.
אַזוי אויך: עס גייט אָפּ די שטײַפֿקייט, די
פֿאַרשטײַפֿטקייט, פֿאַרגליווערטקייט אע

*עס גייען אָפּ די א ו י ג ן, (די א ו י ע ר ן)=
זיי טוען מער ניט וו□י. *עס גייען אָפּ די בּ יי ־
נ ע ר (גלידער, אבֿרים) = א) זיי ווערן

דורכגעוואַרעמט. ,,האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן
דעם אויוון... און עס האָט אים אָנגעהויבן
אָפּצוגיין די ביינער און די גלידער,,, אמד,
דער ליטוואַק אין וואָלינען, ווילנע 1870; ב) זיי
ווערן געזונט, מע פֿילט זיי ווידער. ,,בנימינס
אבֿרים זײַנען אַ ביסל אָפּגעגאַנגען אין דער
ליל טבֿילה נאָך דעם אָפּשווענקען זיך מיט אַ
גאַנצן צעבער קאַלטע וואַסער,,, ממוס, מסעות.
עס גייען הפּ די מ י ד ע גלידער (ביינער) =
מע קומט צו זיך נאַך שווערער אַרבעט, נאָך
אָנשטרענגרנג. *עס גייט אָפּ דאָס פּ נ י ם =
עס קריגט ווידער דאָס נאָרמאַלע אויסזען.
9. (וועגן סחורה) פֿונאַנדערגיין, צעגיין, זיך
גוט פֿאַרקויפֿן. ,,די ביליקע קליידלעו גייען גיך
אָפּ,,. ,,די ראָמאַנען גייען אָפּ, די ביכער מיט
לידער בלײַבן אין קעלער,,. ,,האבן גרושׂי
שטיקר סחורות גיהאַט אין איר קראָם ועלכי
וואול זענין אָפּ גאַנגין,,, גה, 315.
1O. (דריטפּערזאָניק) אויספֿעלן. ,,וואָס גייט
אים אָפּ ?,,. ,,עס גייט אים גאָרניט אָפּ,,. ,,עס
גייט אים נאָר אָפּ דאָס טעלערל פֿון הימל (
פֿויגלמילך, קאָפּווייטיק, בויכווייטיק, כאָטש איינע
פֿון די עשׂר מכות, אַ פֿרישטש אויף דער
צונג),, *דער (דאָס) אַרטיקל גייט אָפּ = עס

פֿעלט אויס. *עס גייט מיר אָפּ מײַן
באַדערפֿעניש = עס פֿעלט מיר אויס אדיף חיונה. *עס
גייט זיי קיין בעסער ק ד ח ת ניט אָפּ = קיין
גרעסערע צרות פֿעלן ניט אויס. „וואָס קומט
צו — גייט ניט אָפּ“; „דאָס וואָס גייט אָפּ גייט
ניט אַרויס פֿון זינען“ □ „וואָס עס גייט ניט אָפּ —
לײַדן לײַדט דער קאָפּ [= וואָס עס ז□ל ניט
פֿעלן, האַלט מען אין איין זאָרגן זיך וועגן
דעם]; „דאָס פּנים וועט זאָגן אַז עס גייט אָפּ

1721

דעם מאָגן“ [= אַז עס פֿעלט אויס צום עסן];
„איטלעכער שרײַט אויף דעם וואָס סע גייט
אים אָפּ“, שוו „ער וועט נאָך האָבן אַ סך
גלגולים: ער דאַרף גאַנץ מאַכן וואָס עס גייט אים
אָפּ“, ווערטל, תּח. „ווילט איר וויסן וואָס ער
גייט אָפּ דער ייִדישער נשמה, שטודירט וואָס עס
פֿעלט דער ייִדישער שפּראַך“. איר. *“עס גייט
מיר מער ניט אָפּ צו מײַנע זײַדענע (יום־
טובדיקע) קליידער“ — קיין אַנדער זאַך פֿעלט מיר
גאָרניט אויס אין מײַן דלות. „זאָל דיר
קיינמאָל ניט אָ, דאָס אונטערשטע (הינטערשטע)
פֿון בענטשן“ —). אונטערשטע, 791.

,,מיין איז איר תּ,,ל [= תּודה לאל] נישט אבּ
גאַנגען,,, פּראָגבֿ, 41. ,,זײַא דיך משׂמח... עשׂ
גיט אַן מיר דא ניט אפּ,,, פּבֿ, קראָקע 1630
[ח. שמרוק, ספּר היו״ל ליצחק בּער]. ,,דער
דען שבּת ווערט רעכט היטן... דען ווערט
פֿאַר גוויז די גנצי וואָך ניט אבּגין פֿון זײַני
שפֿײַז“, ר, אַריה ליבּ בּר, יהודה זעליגמן,
תּיקוני מועדים, פֿיורדא תּפ“ה. ,,ווען עס
גייט דיר אָפּ איין מעלה [= קלאַס פֿון ציפֿערן]
... זאָלסטו תּמיד... שטעלן אַ נול,,, ליבּין
גאָלדין בּערג מבּאָקארעשט, כּעת בּמאהלוב,
מלאכת מחשבת, בּרדיטשוב [סודלקאָוו?]
תּקפ“ח. ,,זאָל דעם מענטשן אָ, נאָר אַ קווינט,
קאָכט אין האַרצן אַ שטורעמווינט,,, ממוס, יודל.
,,ציין אויספּוצן גאָר! מער גייט מיר נישט אָפּ,
נאָר צו האָבּן אויסגעפּוצטע ציין?,,, נאַד
11. אָנווערן. פֿאַרלאָרן גיין. פֿאַרפֿאַלן גיין.
פֿאַרשווינדן. עס וועט אים [דאַטיוו] קיין זאַך
ניט אָ'. ,,מעגסט עס טאָן, עס וועט דיר חלילה
קיין זאַך ניט אָ'“. ,,דער רווח גייט אָפּ און דער
היזק וואַקסט“ ,,ווען עס גייט אָפּ דער
כּוחגברא, בּלײַבּט נאָך אַלץ דער כּוח־אַכילה,,;
,,ס'איז אַ בּראָך צו דײַן קאָפּ אַז דער זכּרון
גייט אָפּ,,, שוו. ,,נוך זײַנם טוט זײַן

קויניגרײַךווערט... אונטער זײַן קינדן בלײַבן אונ, נוימר מער אבּ גון“, שמואל־בּוך, סטראָפּע 1089. „דשׂ קנס לאשׂן ווידר אַבּגין„, גה, 342. “דו זאָלסט ניט קומען אין דײַן חברס הויז אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ, וואָרעם טאָמער וועט אָ, עפּעס אַ זאַך... וועלן זיי דיך חושד זײַן“, שבט מוסר, תּקצ“ג. “אַז דאָס וואָלט זײַן [אין] דער נאַטור [צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס און ניט על־פּי בּחירה]..., וואָלט דאָך חלילה אָ, די גאַנצע תּורה“, י. ל. אָסעלאָוויץ, תּוכחת

מוסר (רמבּ“ם), ווילנע תּרל“ו. „גאָרנישט איז מיר אָפּגעגאַן און גאָרנישט האָט מיר געפֿעלט„, נס, ,מוסר'. „עס איז אים אָפּגעגאַנגען די אמונה אין חסידישע גוטע־ייִדן“, ייִט, פּוילן

12. בּטל ווערן. רײַכלין 8 פֿאַרטײַטשט 'ובֿטלו, (קהלת, יבּ,): „אונ, גנט אַבּא„. [M d: abe־g n] ;'די לא... תעדא, (דניאל, ו, 9) פֿאַרטײַטשט: „דשׂ נוט זול אבגאן„ [תּי: „וואָס ווערט ניט בּטל„]. פֿון געלט וועגן גייט קיין שידוך ניט אָפּ„, שוו. „איך בּין דיר מודיע, מײַן חיתּון איז נון לנג אבּ גנגן„, פּבּ, קראָקע 1630 [ח שמרוק, ספֿר היובֿל ל צחק

בער]. „אַנישט גייט דער שידוך אָפּ, האָט מען
אַ דין־תּורה, צאָלט מען קנס“, פּרץ '
קלאָץגעשיכטן'. „— אַ תּקיעת־כּף טאָר ניט אָ, —
אַזוי בלײַב עס! — דער תּקיעת־כּף איז אין
הימל פֿאַרשריבן“, רייד (קאַרפּאַטאָרוס).

13. אָפּרינען. אָפּפֿליסן. אַרויספֿליסן,
אַרויסקומען פֿון קערפּער. „דאָט וואַסער האַלט שוין
בײַם אָ',.. „דאָס געוויסער האַלט שוין בײַם אָ',..
„ווען די קינדער ווערעם האָבן... נעם אַ
קנאָבלעך־קאָפּ... שטויס עס... גיס דערין
ציגנמילך... לאָז דאָס קינד דערפֿון טרינקען...
וועט דער גאַנצער שטאָך ווערעם אָ'“, ר, מרדכי
בר, אַריה ליב, מקוה ישׂראל, נאָווידוואָר תקנ„ד.
„... פּלאַצט געווײַנלעך דער פֿרוכטפּענכער, און
די פֿרוכטוואַסער גיסט זיך אויס. אין דער
אַקושער־פּראַקטיקע הייסט עס: די וואַסערן
זײַנען אָפּגעגאַנגען“, פֿגעז, ווילנע 22 1931, No.
„איין נידה וואָס עס איז אָפּגעגאַנגען פֿון איר
שכבת זרע... מוז זיך טובֿל זײַן„, זרעים,
ד/ב. „... ווערן די שטיינדלעך [אין די נירן]
צעריבן ווערן און זיי וועלן אָ, מיט דער אורין„,

טארלער רבּי, סגולות ורפוּאות I, לאָדז, 1910׃ "מיטן שטולגאַנג פֿון מענטשן וואָס האָט גײַצן גייען אָפּ מיליאָנען אייעלעך", פֿגעז.

ארכ, וועגן אַ ק י נ ד: א) (שווער) גיין צו קינד, האָבּן דאָס קינד. „דשׂ איינר פֿרויאן דשׂ קינט אָפּ גיא, גיבּ איר צו טרינקן מילך פֿון איין הונטן..., זא גיט איר דשׂ קינט אפּ", כּ„י 'ספֿר הרפֿואות', 1474 [דווקא No 17]; בּ) מפּיל זײַן, מפּלען. „קיינר פֿרויאן גינג ניט קיין קינד אבּ פֿון דען גישמאַק פֿון דען הייליגן פֿלייש דש מן פֿאַר בּרענט אויף דען אָפּפֿר שטול„, סידור תּפֿלה למשה.„ דעסוי 1696, קכה/ב.

14. אָפּבּליאקעווען (זיך). פֿאַרלירן די ערשטע פֿאַרבּ. אָפּקריבן. „די פֿאַרבּ פֿון דער סחורה וועט אָ'„. „אויבּ עס וועט דער קאָליר אָ, דורך רײַבּן, זאָלסטו טאָן ווי אין ערשטן אופֿן שטייט„, איין כּיכל וואע) דרינן גפֿינט זיך זאכי1 טשיקאווי ., שקלאָוו תּקנ„ה. „ווער דא לערנט דיא ווײַל ער נאָך יונג איז — דאשׂ איז גלײַך, אַז ווען מן מיט סינט שרײַבּט אויף נײַא פּפּייאר דאשׂ גיט נימר אבּ", סידור תּפֿלה למשה.„ דעסוי 1696, קכד/ב. „דיא יהודים

דיא גאַסן אויף אין פֿון אויבן... הייס גיזאָטן איל אונ, זיא גינג אים אב זײַן הויט פֿון זײַן לײַב“, יוסיפֿון, אמ� ט 1661, רמ. „דיא הויט פֿון אירי אקסילן איז אב גיגאנגן“, צאינה, וארא, נט/ג.

15. קלענער ווערן. אָפּפֿאַלן, אַוועקגיין (וועגן אַן אומנאָרמאַלן צושטאַנד פֿון קערפּער). „די געשווירן וועלן אָ',. „די געשוואָלענע באַק גייט אָפּ,. “נעם אַספּירין, וועט די היץ אָ'“. „דאָס געשווילעכץ וועט מאָרגן אָ',. „גיב עש דעם חולי צו טרינקן, עס גיט אים אכ מיט גוטש הילף,„ כ„י, 'ספֿר הרפֿואות„ 1474 [דווקא, No 17]. קללה. “די מכּה זאָל דיר אָ, און צוריקקומען,„

אָפּגיין

16. אויפֿהערן צו זײַן דורכגענומען מיט אַ געפֿיל (וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ דרויסנדיקן סימן). „אַז מע בייזערט זיך אָפּ, גייט אָפּ דער כּעס„, שוו „דו זאָלסט ניט באַוויליקן דײַן חבֿר אין דער צײַט אַז ער איז ברוגז, דו זאָלסט האַרן ביזוואַנען דער כּעס וועט אים אָ',„ פּרקי אָ�ות... על לש ון לעז בלשון צח ונקי,

אוסטרהא תקע״ו. „,... ביזוואַנען דער גרימצאָרן
פֿון דײַן ברודער וועט אָ',,, תי, בראשית, כז,
44. אויך: די אויפֿרעגונג גייט אָפּ, דאָס
שווערע געמיט גייט אָפּ אע אויך: די ווילדע
התלהבֿות גייט אָפּ. „אַזוי פֿלעגט דוד נעמען
די האַרף און שפּילן מיט זײַן האַנט, און שאולן
פֿלעגט אָ',,, תי, שמואל א, טז, 23. „זאָל אָ
ביסל אָ, די חזירשע יוכע. נישקשה, עס וועט
זיי ניט שאַטן“, ב גאָרין, דיא מזיקים , נ,,י
1900, ז, 51.
*דאָס ה אַ ר ץ גייט אָפּ = עס ווערט
לײַכטער, גרינגער אויפֿן האַרצן; מע באַרואיקט זיך.
„זײַן האַרץ איז אים אַ ביסל אָפּגעגאַנגען און
ער איז רואיקער אַוועקגעגאַנגען דאַוונען,,,
י. יאנישעווסקי, דער געפֿונענער ברודער,
באַרדיטשעוו תרס״ה. עס גייען אים אָפּ (עס איז
אים אָפּגעגאַנגען) די ש פּ אַ ר ע ס = (
אומאיידל) עס איז אים לײַכטער געוואָרן.
17. פֿאַרענדיקן זיך, אויסלאָזן זיך.
דורכגיין. „עס וועט אָ, ג ל אַ ט, אָן צרות, אָן
נאָכווייענישן“. „ער וועט האָבן צו געדענקען,
עס וועט אים (אַזוי) גלאַט ניט אָ,,,.. „אינגאַנצן
גלאַט וועט זיכער ניט אָ',.. „עס וועט אָ, גלאַטיק,
קיין האָן וועט ניט קרייען“. „עס וועט אָ,

שאַ־שטיל“. „ס'וועט ניט אָ, פּטור בּלי (בּלא) כּלום„. אָ, ג ו ט (אַזוי זיך, שלעכט). עס וועט ניט אָ, ט ר ו ק ן, אָן קלעפּ, אָן שטראָף. *דאָס (דער) געלעכטער וועט אָ'=פֿאַרלירן יעדן חשק צו לאַכן. „שפּראַך הערצוג יואָב: איין הורן זון גיא עשׂ אבּ [ניט גוט]„, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 892. „טובתן של רשעים רעה היא... דען ■ײַני טו■ות ניא זא וואול אָפּ גיט“, צוכט. „אַלזו איזט דיזוש אַלישׂ צו גוטין אָפּ גילאפֿין אונ, און [= אָן] יהודי, שאדין אָפּ גנגין„, גה, ז, 296. „זײַן האַרץ האָט געפֿילט אַז עס וועט מיט אים נישט אָ, אַזוי גלאַטיק„, ר, שמעלקע דער קלעזמער, וואַרשע תּרע„א. „אַמאָל גייט אָפּ אַ פֿאַרטרענקעניש גאַנץ שטיל און אַמאָל טוט עס אָן גרויסע צרות“, בּלעטער, No 12. „אַזוי וועט עס נישט אָ', נישט אַזרי,... אַ שׂרפֿה גייט אויף!„, בּ רעסלער, טאָג, 19■0 (■ ■2 III.

18. האַלטן בּײַם אויסגיין, ארמקומען. אָ, מ י ט בּ ל ו ט — אויסגיין מחמת פֿאַרלירן אַ סך בּלוט. „עס איז שדין דאָס זעקסטע ייִנגל און אַלע גייען אָפּ מיט בּלוט„, קאַלמוס, זעלטענער בּרית, וואַרשע 1882. „אַז אַ גאַנצע

וואָך לערנט מען ניט, מוז מען דאָנערשטאָג
[בײַם פֿאַרהערן] אָ, מיט בלוט", ייִל, וועלט־לוח,
ו אַרשע תּרמ„ג. „איינס נאָכן אַנדערן פֿליִען

בײַ אים די עופֿות — גייען אָפּ מיט בלוט„, שע,
'דאָס פּאָרפֿאָלק.. „ווער האָט זיך געקענט ריכטן

1722

אויף אַזאַ אומגליק? אינגאַנצן אין בלוט איז
זי אָפּגעגאַנגען", ייִז, חבֿר נחמן „דאָס גאַנצע
דאָרף איז אָפּגעגאַנגען פֿון זיי מיט בלוט פֿונעם
גראַף און זײַנע מענטשן", בערג, באַס
דניעפּער II, עמעס„ ז, 97. *אָ, מיטן ח י ו ת
[כאַיעס, כי־יעס]=אדמקומען פֿון שרעק. „
דורכגעשטאָכן וועלן פֿון זייערע שיכּורע בליקן...
זיך מאַכן תּמעוואַטע און אָ, דרײַ מאָל מיטן
חיות„, פּמ, טראָט פּון דוירעס, מאָסקווע 1966.
אָ, מיט אַ נ ג ס ט ן. *אָ, מיט ש וו ייִ ס=זייער
שטאַרק שוויצן (פֿון גרויס פֿאַרמאַטערטקייט
אָדער חמימה). אָ, מיטן זיבעטן שווייס. אויך:
אָ, מיט זיבן שווייסן. „ער פֿלעגט ריידן מיט
הענט און פֿיס, אַרבעטן אויף אַלע כּלים און
אָ, מיט שווייס„, ממוס, מסעות. „כ'וועל אָ,

דאָ מיט שווייס, אַבּי ניט שטיין אין צעטל מיט
די וואָס דרעשן ווינט און ווערן בּייז געהאַסט,,,
ח. גילדין, בּירעבּידזשאַן, זבּ, מאָסקווע 1936.

19. אָפּטרעטן, מוותּר זײַן, זיך אָפּזאָגן פֿון
עפּעס. אָ, פֿון אַ פֿריִערדיקן באַשלוס. אָ, פֿון
אייגענעם פּרינציפּ. ,,עז זול ניט אַן דיר אָ,
צו קומן,,, פּבּ, 1533 נוואכשטיין־בּוך]. ,,דער
בּעל סגן גייט ניט אָפּ אַן זײַנם מנין, אַפֿי, ווען
נדרים זײַן... הוט ער זײַן מנין פֿאָרט,,, תּקק.
,,מן זול דען קינדר ניקשׂ לושׂן אבּ גין מיט
אַלי זכין [= זיי טאָרן ניט אָפּטרעטן פֿון
מינדסטן געבּאָט]“, בּראַנט, פּרק מג. ,,איז אָפֿן
בּאַרליך דאָשׂ מן אַן העכשׂטי נאָטווענדיקייט
פֿון דעם פּשוט ניט אָ, דאַרף,,, אור לעת ערבֿ,
לאָנדאָן תק“פּ? ,,זײַט מתפלל פֿאַר אים —
ווען ער וועט אָ, אַ נואף צו זײַן,,, קח, כז/א.
,,ער האָט געגעבּן אָנצוהערעניש אַז ער איז
גענייגט אָפּצוגיין פֿון דער דאָגמע,,, ש בּיקל,
טמז, 10 3 19 I.

20. זײַן אָפּהענגיק. ,,און, די טובֿים וג,
המבוררים זול מן קנסן, דרום דאז זיא אירן
חשבּון ניט האבּן לריטר גימאַכט, דהײַנו אַן
וועלכן עשׂ אבּ גייט,,, תּקק ,,גאָט... ווייש
וואול דז אַן מיר איז נישט אבּ גנגן, איו בּין

ניקשׂ שולדיג, איך הבּ זי גנוגן גישטראפֿט,,,
סהמ, ישעיה, מט, 4. ,,אַן ווערמין עשׂ אָפּ גאַנגין
האָט ווייס איך ניט“, גה, ז, 79. ,,איך בּין ניט
אין שטאַנד געווען אָפּצוהיטן פֿון גניבֿות, אויך
איז זייער פֿיל אָפּגעגאַנגען פֿון דעם [אופֿן]
אַרבּעטן,,, דאָס פֿאַלשע ווייַבּ, לובּלין תּרנ,,ה.

21. ווערן מאָגער. פֿאַרלירן וואָג. ,,ער איז
לעצטנס שטאַרק אָפּגעגאַנגען,,.

22. אַרכ. אַראָפּגיין. אַראָפּוואַשן נפֿרגל בּ 4 1
,,וואשׂ ניט אבּ גיט מיס דען וועשן [דעם מתּ],
מאג דראָן בּלייַבּן“, ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת
שלמה, אמשט תּק“ד.

23. אַרכ ניט האַלטן וואָרט. ניט האַלטן
הבֿטחה. רײַכלין 8 פֿאַרטײַטשט 'אכזבֿ, (תּהליס
פּט, 36): ,,גנ איך אַבּא,,.

24. (האַלטן בּײַם) פֿאַרלאָזן אַן אַמט.
פֿאַרלירן אַן אַמט, אַ פּאָזיציע. ,,זײַן טערמין
ענדיקט זיך שוין, אין אַ חודש אַרום וועט ער
אָ',,. “דער אָפֿגייענדיקער פּרעזידענט. ,,אַם אבּר

אָפּגילדן

דער אבּ געהענדר גבּאי בּאַלאַנס בּידו האבּן
זאָלטי, מוס ער זאָלכן בּאַלאַנס איבּר ליפֿערן

באותו פעם שמוסר חשבונו,,, תקנות הקהלה דקהל קודש אשכנזים דבהכ״נ הגדולה בלונדון, תקנ,,א. ,,די כהונה מושׂ אבּ גון פֿון עלי גישלעכט“, שמואל־בּוך, סטראָפֿע 1459. ,,איזט דז קיסריום אבּ גאַנגין פֿון דיא יונים... אונ, איזט געבּן וואָרדין צו דען צרפֿתים,,, ר, זלמן הענא איבּז, צמח דוד, פּפֿדמ תנ,,ח.
25. מייִ פֿאַרדריסן. אַרן, קימערן, אָנגיין.

□

“עס גייט איר אָפּ וואָס איר בּרודערנזון וויל פֿון איר ניט וויסן,,, רייד (זקן, געבּוירן אין לייַפּסק). ,,האָט איינר ניט אויז צו ליגן, אַנטלײַא ער אויף מיך, איך וויל אַלשׂ בּיצאלן, עשׂ זאָל אײַך ניט אכּ גין,,, לט 1, נט/א.
אָפּגיין — אקוזוו. ← דפֿוו. 1. גיין אַ געוויסן, אַ בּאַשטימטן מהלך [דאָס וואָרט אָדער די ווערטער מיטן אָנווײַז אויפֿן מהלך אין אַקוזאַטיוו]. אָ אַ שטיק(ל) וועג. אָ, עטלעכע
,
טריט. ,,מע וואָלט געקאָנט אָ, צוויי מײַל ווײַט,,, טעיאַטאָר. ,,ווי מע גייט אָפּ טויזנט קלאַפֿטער אין צפֿון־זײַט...,,, אמד, מסע מצרים, ווילנע 1863. ,,ווען מע גייט אויס שמונה־עשׂרה, דאַרף מען שטיין אויפֿן אָרט, איידער מע גייט צו

צוריק ווי דער שיעור וואָס מע קאָן אָ, פֿיר
איילן“, חא, טו/בּ. קוים בּין איך אָפּגעגאַנגען
עטלעכע ווערסט פֿון דער היים...,,, מרדכי
אָסטראָווסקי מאירזיסטשיבֿ, אמענש אָן אַקאָפּ,
זשיטאָמיר 1876.

2. מײַ. בּאַעוולען, קריוודען. ער לאָזט ניט
מע זאָל אים אָ,. ‟ער מיינט אימר צו, עז גיט
אים אכּ... מען טוט אים ניט רעכט מיט
וואָרטן אונ מיט ווערקן,,, לט 1, ה/ב.

3. ארכ אויספֿעלן. אָפּפֿאַלן. ר□כלין 8
פֿאַרטײַסשט 'אכזבֿ, (תּהלים, פּט, 36): ,,גנ, איך אבּא“
[תּי. ,,וועל איך פֿעלשן,,]. פֿון דעם דער
אויסדרוק: ,,מעגסט עס טאָן, עס וועט דיר, חלילה,
קיין זאַך ניט אָ',,.

מיט ז י ך — אָ, זיך די פֿ י ס = גיין אַ סך
בּיז די פֿיס הייבּן אָן וויי טאָן. ,,ער אַ צײַט אין
רײַזן האָט פֿאַרבּראַכט און גוט זיך אָפּגעגאַנגען
זײַנע פֿיס,,, ממוס, יודל. ,,די פֿיס בּין איך מיך
אָפּגעגאַנגען און מײַן ר, נחמן איז נישטאָ,,,

מ. י. בּערדיטשעווסקי, ייִדישע כּת□ים פֿון
א וו□.טן קרו□. ,,אַ דאָקטער וואָס גייט זיך
אָפּ די פֿיס... קלעטערנדיק אויף טרעפּ צו
בּאַזוכן זײַנע פּאַציענטן,,, שזר, טמז, 23 l1966 I.

־עניש. ־ער — „די בינטלעך
ציטערדיקן גאָלד צום שײַער טראָגן מיר, די אָ, פֿון
צײַט„, א בערגער, 1956 ▯אָפּקלײַב]. ־ערײַ.
אָפּגילדן — גילד אָפּ, ~געגילדט. אויך:
~גילדעווען. 1. באַדעקן מיט גאָלד (אַ
מעטאַל). „דער כעכער איז ניט פֿון גאָלד, ער
איז נאָר אָפּעגילדט“. 2. דורך באַשײַנען
שאַפֿן דעם אײַנדרוק פֿון אַ גאָלד־פֿאַרב. „די
זון... [האָט] געפּטרט איר גאַנצע שײַן אויף
אָפּצוגילדן דער כמאַרעס ראַנדן“, בערג, באַם

אָפּגילטן

דניעפּער II, 'עמעס', ז, 449. 3. באשיטן מיט
גאָלד, געבן אַ סך געלט. „איך שכיל ניט אין
קאָרטן ווען מען גילדט מיך אָפּ“. מיט ז י ך —
“די ביסלעך וואַסער... האָבן זיך אָפּעגילדט
פֿון נײַע בליצן„, ספּ, יודישער קאָלאָגיסט
אָפּגילטן — אוטוו. גילט אָפּ, ▯ י־,געגאָלטן (זן,
~געגילט). 1. דריטפּערזאָניק. אָפּגליקן,
געלינגען, זיך אײַנגעבן. מצליח זײַן. “ווען נאָר
די קאָרט גילט אָפּ דרייט ער אַראָפּ בײַם צווייטן
דעם קאָפּ„; „אַז גאָט וויל, קען אַ משוגעת אויך
אָ'„ שוו „בעת דעם איבערפֿאַלעניש... איז

מיר אָפּגעגאָלטן, אָפּגעלאָפֿן מיט חסד,,, ממוס,
אַסיפֿות,. ,,דעם נגידס זינדל און דעם חזנס

,
מיידל איז דאָ אָפּגעגאָלטן מער ווי אַלעמען“,
שע, בלאָנדזענדע שטערן I, וואַרשע 1922.
“מיינסט אַלעמען גילט אַזוי אָפּ ווי דיר?“, בערג,
אין א פֿאַרגרעבטער שטאָט.
2. אויפֿהערן צו גילטן. מער ניט גילטן. ,,די
צאַרישע פּאַפּיר־געלט האָט שוין לאַנג
אָפּגעגילט,,.
3. טרוו פּאַר בלויז ￼י.,געגילט. דזוו אָפּגילדן.
,,דיזע הינט ווילן דאָס מע זאָל זיי אָ',,, אמד,
ר, שלומעלע דער פֿער פֿון דער קהלה, ווילנע
1870. “ער איז ווערט געווען זיי זאָלן אים אָ',,,
קמ, 11 1867, No. ,,מלמדים גילט מען דאָרט
[אין וואָלין] אָפּ. זיי גייען אין גאָלד,,, ממוס,
'די אַנטדעקונג פֿון וואָלין'. ,,ווען מע וואָלט מיך
אָפּגעגילט, וואָלט איך אײַך נישט גענומען אָזאַ
אַלטן מאַן“, אָפּא, אין פּוילישע וועלדער פֿון

,, .
אויבן אָ, עס זאָל אויסזען ווי גאָלד“, דאָס
פֿאַלשע ווײַב, לובלין 1895. ־עכ￼ן. ־עניש.
אָפּגיס — דער, ־ן. 1. דזוו אָפּגרס ←. ,,אויפֿן
שרײַבטיש אַ הערצל־ביוסט... אייניקע אָ'ן פֿון

גיפּס״, בּדוך בּרכיה, דער חלוץ, נ״י 1927.
2. אָפּפֿלוס, מצבֿ ווען דאָס וואַסער פֿון אַ ים טרעט אָפּ פֿון בּרעג. אויך פּראָצעס פֿון אָט דעם אָפּטרעטן. אַ קענטיקער אָ'. ״אין דער צײַט פֿון אָ, טוט מען זיד אַ וואָרף צום אַנטבּלויזטן בּרעג פֿון ים״, י. יאכינסאָן, געיעג נאָך שפּײַז, קיִעוו 1924.

אָפּגיסן — טרוו גיס אָפּ, ~געגאָסן. 1. ענדיקן גיסן. פֿאַרטיק ווערן מיטן גיסן. אָ, און אויסליידיקן די כּלי. 2. גיסן אַ לעננערע צײַט. דער רעגן וועט אַזוי אָ, אַ גאַנצע וואָך.
3. אויסגיסן פֿון אַ כּלי אַ טייל פֿליסיקייט. אָראָפּגיסן אַ בּיסל. אָ, ווײַן פֿון די פֿולע כּוסות. אָ, אַ פֿלאַש וואַסער פֿון עמער. אָ, דאָס אייבּערשטע. אָ, די ס(י)ראָוועטקע. ,,ווען גלײַך מן טרינקט אויש איין כּלי, מוז מן צו פֿאָר אָפּ גיסן איִער [=איידער] מן טרינקט״, עח, כב/ד. ״איידער ער מאַכט בּורא פּרי הגפֿן, זאָל ער אַ בּיסל אָ, פֿונעם כּוס אויף דער ערד. דאָס איז אַ גוטער סימן אויף דער פֿולער וואָך צו מזל און בּרכה״, לט2, נז/א. ״ווען ער האָט געטרונקען און דערנאָך גיט ער זײַן תּלמיד צו טרינקען, זאָל ער פֿריִער אָ',,, ספֿר חסידים, ווילנע תקע,,ט, סימן קיא. *אָ, די מ כּ ו ת =

מ□כן עס זאָל אָפּטריפֿן פֿון כּוס בײַם

1□23אויס

רעכענען די מכּות זאַגנדיק די הגדה. ״בּײַ די
צען מכּות גיסט מען אָפּ פֿון כּוס זיך משתּתּף
צו זײַן בּצער וואָס דער צלם אלוקים האָט
געליטן״, ר, נאָטע־הירש פֿון סלאַבּאָדקער ישיבֿה
*אָ, אַ נ ײַ ע זאַך = אויסטרינקען בּראַנפֿן
לכּבֿוד אײַנשאַפֿן זיך אַ נײַע זאַך, אָנטאָן אַ נײַעם
מלבּוש. ,,געקויפֿט אַ קליאַטשע און אַרײַן אין
שענק זי אָפּצוגיסן״.
4. בּאַגיסן. נאַס מאַכן. אָ, עמעצן מיט וואַסער
פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס. ,,דער רעגן האָט אונדז
אַזוי אָפּגעגאָסן אַז מיר זײַנען דורכגענעצט
געוואָרן״. ,,אויך העלפֿט מבֿטל צו זײַן דעם
יצרהרע... ער זאָל אַ קרוג וואַסער אויף זיך אָ,,
שבֿס מוסר, סדילקאָוו תקצ״ג. ,,גיס ניט אָפּ
דײַן קינד פֿון די וואַסער וואָס דו שווענקסט
דערמיט געזאַלצענע פֿלייש, וואָרעם פֿון דעם
קען קומען אַ שחין־רע אויף דעם קינד,,,
הנהגות טובֿות, וואַרשע 1897. ,,ווען מע גיסט
אַרויס בּײַנאַכט אַ פּאָמעשאַף, דאַרף מען דרײַ

מאָל אויסרופֿן „היט איַיך!„, כּדי די ניט־גוטע
זאָלן ניט ווערן אין כּעס, אויבֿ מע ווע זיי
פֿלוצעם אָ'„ [אבֿרהם רעכטמאַן, ייִבֿל II XI].
קללה. „אָ, זאָל מען דיך שוין מיט
טהרהוואַסער„. פֿיג „אַ פֿרייד גיט אַ גאָס אָפּ ווי
אַ זרניקער ג סרעגן„, ה דאָבֿין, צווישן בּינ—
שטאָקנ, מאָסקווע l941.
*אָ, מיט (אַן עמער) ק אַ ל ט וואַסער =
אַנטמוטיקן, אַראָפּריַיסן, מאַכן צו נישט,
אויסניכטערן. אָ, מיט קאַלט וואַסער און אויסלעשן דעם
ענטוזיאזם. „דעם טאַטנס ווערטער האָבּן אים
אָפּגעגאָסן ווי מיט קאַלט וואַסער“, ספּ.
קאַליקעס. *אָ, מיט ק אָ כ ע ד י ק וואַסער (מיט זוד,
אָקרעפּ אע) = אָפּבריִען, געבן אַ מפּלה,
דערלאַנגען אַ חלק. ״ווען מע גיסט מיך אָפּ
מיט הייסן אָקרעפּ, וואָלט איך ניט געדאַרפֿט
ווערן אַזוי צעקאָכט ווי פֿון די דאָזיקע
ווערטער„, ממוס, 'בּישיבה של מטה'. *אָ, מיט אַ
פּאָמוניצע (פּאָמעשאַף, בּלאָטע אע) = שטאַרק
בּאליידיקן, בּאַווארפֿן מיט זידלווערטער. *אָ,
מיט ט ר ע ר ן = בּאוויינען. „איך האָבּ
אָפּגעגאָסן מיט הייסע, בּלוטיקע טרערן מיַין
וויסטע, אומגליקלעכע קליאַטשע„, ממוס,
קליאַטשע אָ, מיט שיַין (ליכט) = בּאַליַיכטן,

באַשײַנען. "אַ פֿולע לבֿנה האָט אָפּגעגאָסן די
ביימער... מיט אַ מאַטן שײַן,,, אַפּא, '
ציגײַנער'. פֿיג: אָ, מיט ק ל ל ו ת.

אָ, נ ע ג ל וו אַ ס ע ר, אָ, די ה ע נ ט —
וואַשן די הענט אינדערפֿרי לויטן אופֿן ווי דער
דין שטעלט אײַן. די הענט ווערן אָפּגעגאָסן פֿון
אַ כלי בסירוגין, רעכטס־לינקס, רעכטס־לינקס,
דרײַ מאָל אויף יעדער האַנט. "מע טאָר ניט גיין
פֿיר איילן אומגעוואַשן, איבער דעם מוז שטיין
אַ כלי מיט וואַסער בײַ דעם בעט און וויבאַלד
מע כאַפּט זיך אויף, מוז מען אָ, די הענט", חא,
ה/ב. "אַ גנבֿ איז פּטור פֿון נעגל אָ'", פֿוול
[אַ גנבֿ לייגט זיך ניט שלאָפֿן, ער אַרבעט דאָך
בײַנאַכט].

אָ, פֿ ל יִ ש — א) לויטן דין טאָר פֿלייש ניט
ליגן אומגעכשרט דרײַ טעג נאָך דער שחיטה

אָפּגיסן

אויפֿן דריטן טאָג מוז מען עס אָפּשווענקען
אָדער פֿײַכט מאַכן מיט אַ נאַסער טוך. נאָכן
אָ, הייבט זיך אָן אַ נײַער טערמין פֿון דרײַ
טעג. די וואָס זײַנען מהדר אַ מצויה (גאָר
פֿר.מע) זײַנען מקפּיד ניט צו עסן אָפֿנעגאָסן

פֿלייש. „ווען פֿלייש ליגט שוין אַ פּאָר טעג
ניט געזאַלצן און שבּת איז דער דריטער טאָג,
טאָר מען עס ניט אָ'“, חא, נט/א; בּ)
אָפּשווענקען פֿלייש נאָכן זאַלצן. „דאָס פֿלייש דאַרף
זאַמען אין זאַלץ אַ שעה, נאָר לכּבֿוד שבּת אַז
מע פֿאָרכט זיך מע זאָל ניט מחלל שבּת זײַן,
אָדער לכּבֿוד אַן אורח הגון וואָס ער הײַלט זיך
זייער — מעג מען אָ, נאַך 24 מינוט“, ספֿר
מקור הבּרכה II, מונקאטש, תּרנ״ה, קב/ב. „אַל
דיא ווײַבּר זאָלן וואול בּקי זײַן אין דיא דינים
פֿון ווייקין אונ, זאַלצין אונ, אָפּ גיסין„, בּרית
מלח, אַמשט תּע„ח; ג) בּבלל אָפּשווענקען פֿלייש.
“נאָך דעם בּראָטן מוז מען די לעבּער אָ', הוא
הדין פֿלייש אַז מע בּראָט אויף דעם פֿײַער
אומגעזאַלצן, זאָל מען אויך דאָס דערנאָך אָ'“,
הרבֿ מ טייטלבּוים דק„ק איהעל, ספֿר מעין
טהוך, אָרט ְ יאָר? סימן כו.

5 אַרויסגיסן, אַראָפּגיסן וואַסער (נאָכן קאָכן,
בּײַם אָפּזײַען). אָ, קאַרטאָפֿליעס, לאָקשן, בּאָבּ
אא בּכלל בּאַפֿרײַען פֿון וואַסער אָדער אַן
אַנדער פֿליסיקייט בּײַם צוגרייטן שפּײַז. טונקען
בּלעטער אין עסיק און דערנאָך אָ, דעם עסיק.
„ווען שאַלאַטן אָדער אוגערקעס [מע] מאַכט,
טאָר מען ניט [אום שבּת] זאַלץ דעריבּער טאָן

און לאָזן שטיין אין זאַלץ און דאָס וואַסער אָ'“,
שלחן ערוך אורח חיים ויורה דעה ומנהגים של
כּל השנה, לעמבּערג [אָנהייבּ 19. י“ה].

6. אַרײַנגיסן אין אַ פֿורעם צעלאָזענערהייט, אין אַ פֿליסיקן צושטאַנד, און מאַכן גרייט אַרויסצונעמען פֿון פֿורעם פֿאַרהאַרטעוועטערהייט. אָ, אותיות. אָ, דריידלעך. אָ, אַ סטאַטועטקע. אָ, מעדאַליאָנען. *אָ, בּ ל י נ צ ע ס = אַרויפֿגיסן מיט אַ לעפֿל אויף אַ סקאָוואָראָדע, וואָס שטייט אויף אַ פֿײַער, פֿונעם לויזן געמיש וואָס איז צוגעגרייט פֿאַר די בּלינצעס. „ניס אָפּ אַ צענדליק בּלינצעס אָדער טאַקע אַ טוץ„, א י. סאַפּיר, אויס מינסק, חטאת הקהל... I, ווילנע 1881, ז, 62. אָ, אויף וואַקס — דזוו אויסגיסן מיט וואַקס, ← 163. „שפּיגל־שויבּן, נישט פֿאַרפֿערטיקט נאָך דעם אָ', ד“ה ניט מאַטירט„, ספּ, וואַרשעווער יודישער פֿאמיליענקאַלענדאַר, תּרנ„ד, ז, 180.

7. אוטוו שימערירן. איבּערגיסן זיך אין פֿאַרשיידענע קאָלירן. „זע נאָר ווי איר זײַדן קלייד גיסט אָפּ אין (מיט) קאָלירן„..

8. (פּר, גאַליציע) אַנשטאָט אָנגיסן. “אָ, דרײַ בּלאַכעס [בּראַנפֿן]„, ז מוירער, זײַ נישט קיין ווצילער יונג II, טאַרנאָוו 1911.

מיט ז י ך — אָ, זיך מיט שווייס — זייער שטאַרק שוויצן (בײַ אַן אַרבעט). אָ, זיך מיט
י

קאַלטן שווייס — בעת אַ קראַנקייט בײַם שטאַרקן דערשרעקן זיך. אָ, זיך מיט בלוט (פֿון האַרצן) — האָבן גרויס האַרצווייטיק, זיך פּײַניקן, זיך מאַטערן. „אַז מע גיסט זיך ניט אָפּ

אָפּגיפּסן

די נעגל בײַם אויפֿשטיין — מאַכן זיך שדים", גלייבעניש. "מע טאָר זיך ניט אָ, די הענט אינדערפֿרי אויף דער בלויזער ערד, נאָר אין אַ כּלי", שמירת הנפֿש, ירושלים תשי"ג. „דאָס אָ, זיך מיט שעפּלעך הייס וואַסער [אין באָד] איז אַ רמז אויף דעם נהר די נור (זוהר, צו), טײַך פֿון פֿײַער, וואו די נשמה טוּ לט זיך יעדער ערבֿ שבת„, [אַ רעכטמאַן, ייִבל II XI]. „בענקען הענט געזונטע, נאָכן אָקער,... ניט מיט בלוט זיך אָפּצוגיסן, נאָר מיט שווייס", אַל III, 'יהודה המכּבי און דאָס מלחמה־מידע פֿאָלק'.

־ונג. ־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין,

־קע). ־ערײַ.

אָסגיפּסן — טרוו גיפּס אָפּ, ~געגיפּסט. פּפֿ.

,גיפּסעווען. 1. באַשמירן, באַדעקז מיט
גיפּס. אָ, אַ ליימענע סטאַטרעטקע. 2. מאַכן
אַ פֿורעם פֿון גיפּס. אָ אַ געביס ציין ־ונג.

, .

אָפּגלאַזו'רן

— טרוו ־זור אָפּ,

לאַזורירן.

~געגלאַזורט.

פּפּ ~גלאַזי'רן. אויך: ~ג
באדעקן מיט גלאַזור.

אָפּגלאָזן — טרוו. גלאָז אָפּ, ,געגלאָזט.
1. אַרײַנשטעלן גלאָז אין פֿענצטער, שרענק או.
אָ, דעם נײַעם בנין. 2. מיט צעלאָזענעם
צוקער באַדעקן, באַשמירן, איבערציִען פֿײַן־
געבעקס. אָ, די פּאָנטשקעט, די לעקעכלעך.

אָפּגלאַנץ — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּגלאַנצן. אַ (קוים־)קאָנטיקער אָ'.
2. אָפּשײַן, אָפּשפּיגלונג. „דער העלער אָ, פֿונעם
בלאָען הימל שטעכט און בלענדט די אויגן“,
פֿרוג II, ז, 52. „דעש שמשׂ פֿון גן־עדן, אַ
ליבטיקער מלאך, אַן אָ, פֿון זײַן ליבן נאָמען“, פּרץ,
פֿאָלקסט, געשיכטן. “געזען פֿאַר זיך האָט ער

א וואַנט... אָן ליכטיקן שטראַל, אָן אַן אָ,
פֿון ליבט,,, ייִש איבֿז, ח. נ. בּיאַליק, 'דער
מתּמיד'. ''דער אָ, פֿון שׂרפֿות אויף רויטע, יונגע
פֿרויען־בּאַקן,,, דא, שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1910,
ז, 124. ,,די פֿענצטערלעך... האָבּן דורכגעלאָזן
אַ קילן אָ, פֿון אַן אָרעמען ווײַטן זון־
אונטערגאַנג,,, מק, 'מוניע דער פֿייגל־הענדלער'. ,,דער
גרויער אַרום איז געווען פֿאַרצויגן מיט אָ,
פֿון פֿײַער אין ליכטיקע אויגן,,, אַלף כּץ, צוק,
פֿעבֿ, 1957.

3 פֿאַרקלענערטע אָפּשפּיגלונג פֿון אַ שטאַרק
.
ליכט. ,,ער איז איצט אַן אָ, פֿון זײַן אַמאָליקער
גדולה''. ''פֿין דער שכינה א שײַן, אַ מין אָ,
און אין דעם אָ'... וועלן זיצן צדיקים,,, פּרץ,
דראמ, שריפֿטן ,,ווײַל טיף איז דער אָפּגרונט...
איך זע פֿון גאָטס ליכט בלויז אַן אָ''', סעג,
אין קאזמערזש ''ווען דער מענטש איז שלום
מיט זײַן גאָט, רוט אויף זײַן פּנים דער אָ,
פֿון אַ געטלעכער שײַן,,, אַש, תּהילים ייִד.

4. לויכטונג, שײַנונג. ,,דער אָ, פֿון איר
ליכטיקן פּנים... האָט זיך אויסגעדאַכט עפֿעס נאָר
וו אַ שײַנענדיק־פֿרײַנטלעך שמייכעלע'', ממוס,
,

ווינטשפ. „פֿון זײַנע אויגן האָט... אַרויסגעשמייכלט דער גרינער אָ'“, בערג, נאָך אַלעמען

1'4

5. אומקלאָר, מטו טש בילד, אימאַזש. „זיי איז געבליבן נאָר אַ שוואַכער אָ, פֿון ברויט מיט קרויט,„ פּרץ, ,צום עולם התּוהו'. „איז משה געווען... אַ קאָלעקטיוו פֿאַנטאַזיע־בילד... אַן אָ, פֿון אַמאָליקע געשיכטלעכע שפּיגלונגען“, קאָר II, ז, 30.

6. אָנצוהערעניש, רמז, אָנדײַט. „איר שיינקייט האָט באַקומען אַ באַזונדערן חן, דעם אָ, פֿין ערנסטע מחשבֿות,„ ד י. זילבערבוש, שטרעכאלעך.. , ווין 1916, ז, 29. „איצט ווערט אַלץ באַלויכטן מיט בלוט־רויטן פֿלאַקער פֿון שלאַכטפֿעלד, מיט אַ געלן אָ, פֿון דער יידישער לאַטע“, ימ, קוד, 1942.

7. איבערבלײַב, זכר. „ווער האָט געקענט דעם אָ, פֿון אַ ווײַטן שמייכל פֿאַרהיטן,„ א שומיאטשער, אין שעהען פֿון ליבשאַפֿט. „עס טראָגט זיך פֿרן זיי אַ שוואַכער אָ, פֿון אַ

געזינטערער ס יבֿה“, בעם III. „זי... האָט דאָ אַרײַנגעשיקט די לעצטע אומעטיקע אָ'ן פֿון איר אונטערגייענדיקער פּראַכט“, ה. ל. זשיטניצקי, דעם זיידנס הײַזל. „מיר וועלן אַוועקפֿליִען און איבערלאָזן נאָך זיך אַ בליאַשטשענדן לאַנגן אָ',,, ך אדעלהייס, דער פּאַסאַזשיר, וואַרשע 1914, ז, 12.

8. צייכן. חותם, כאַראַקטעריסטישער שטריך. „אין זײַנע אויגן איז געלעגן דער אָ, פֿון אַ ברמינן,,, אַש, תּהילים ייִד „ער איז קיינמאָל נישט געווען אָריגינעל, נאָר שטענדיק אַן אָ, פֿון צווייטע“.

אָפּגלאַנצן — אויטוו גלאַנץ אָפּ, ...,געגלאַנצט.

1. מער ניט גלאַנצן. אויפֿהערן גלאַנצן. „אין איינע דרײַ יאָר האָט זי אָפּגעגלאַנצט“. „זײַן טאַלאַנט האַלט שוין בײַם אָ'“. 2. גלאַנצן אַ לענגערע צײַט.

3. אָפּשפּיגלען, אָפּשײַנען. “די זילבערנע פֿעדעם פֿון זײַן זילבער־באָרד גלאַנצן אָפּ אין די ליכטיקע שטראַלן פֿון דער גינגאָלדענער זון,,, שע, פֿון פּסח ביז פּטח. “שוין איז אויך אַרויס אַ רעגנבויגן... און אויף די נאַסע דעכער אָפּגעגלאַנצט,,, סעג פּאָעמען, וואַרשע 1926, ז, 137. „אַלע מויערן זײַנען אָפּגעפֿאַרבט... און

גלאַנצן אָפּ פֿריידיק פֿון די רויטע,
פֿאַרגייענדיקע זונענשטראַלן", לייזער קאַצאָוויטש,
הומאָרעסקעט, מינסק 1933.
4. טרוו מאַכן גלאַנציק דורך רײַבן, פּאָלירן,
באַשמירן מיט אַ בלאַנקענדיקן שטאָף. אָ, דעם
סאַמאָריאַר. אָ, די שטיוול מיט דזעגעכץ. אויך
מיט ז י ך. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.
אָפּגלאָצן — אוטוו & טרוו. גלאָץ אָפּ, □־,
געגלאָצט. אָנקוקן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.
אָ, מיט באַוואונדערונג (מיט פֿאַראַכטונג). „
דערנאָך האָט ער אונדז אָפּגעגלאָצט מיט אַ
שטילקייט אין די אויגן", ווײַס, 'אַ הייסער שבת־טאָג'.
אָפּגלוסטן זיך — אוטוו דריספּערזאָני□ו. גלוסט
זיך אָפּ, זיך ~געגלוסט. מער ניט גלוסטן.
אויפֿהערן צו גלוסטן. „זיי האָבן געהאַט אַזאַ
□פּלה, אַז ס'וועט זיך זיי שוין אָ אַריבערצוגיין
,

אָפּגלײַכן

אונדזערע גרענעצן„, ד. י. זילבערבוש,
שטרעכאָלעך.. , ווין 1916, ז, 69.
אָפּגלותן — [... גאָלעסן] אוטוו. גלות אָפּ,

~געגלותט. 1. אַ לענגערע צײַט זײַן, לעבן אין גלות. אַ לעבן־לאַנג אָ, אין פֿאַרשיידענע לענדער, צווישן פֿרעמדע פֿעלקער. 2. אויפֿהערן לעבן אין גלות.
אָפּגלידערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געגלידערט.

▯

נעאָל אָפּטיילן באַזונדערע באַשטאַנדטיילן, אַ באַזונדער גליד. „זיי טיילן אָפּ, גלידערן אָפּ, רײַסן פֿונאַנדער דעם אַלגעמיינעם פֿון דעם קאָנקרעטן“, שטערן, מינסק 1929 4 ,No. מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון דער גרופּע. ־ונג.
אָפּגליווערן — טרוו. ־ער אָפּ, ~געגליווערט.
דזוו פֿאַרגליווערן. אָ, פֿישיויך. אָ, פּעטשאַ.
אָפּגליטשן — טרוו גליטש אָפּ, ~געגליטשט.
מאַכן עס זאָל זיך ניט האַלטן אויף אַן אָרט, עס זאָל זיך אַוועקרוקן. „דז ערשטי קענטי זײַן דשׂ יעקבֿ... קענטי די עורות אבֿ גליטשין פֿון זײַן הענד אונ, האלז„, ר, משה אַלשיך, תּורת משה, איבז, קאַרלסרוה 1770.
מיט ז י ך — 1. ענדיקן זיך גליטשן, זיך מער ניט גליטשן. 2. זיך גליטשן אַ לענגערע צײַט. „די ייִנגלעך האָבן זיך אָפּגעגליטשט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג און געקומען אַהיים פֿאַרפֿרוירענע“. 3. אַוועקגליטשן זיך אויף אַ

באשטימטן מהלך. אומווייליק אַוועקרוקן זיך.
אָפּגלייבן — אוטוו גלייב אָפּ, ~געגלייבט. פּפּ:
~גלויבן (נר). 1. מער ניט גלייבן.
אויפהערן צו גלייבן. 2. גלייבן אַ לענגערע צײַט.
3. אָנגעסרויען. "פּאָסט און טעלעגראַף
געפֿינען זיך אין די הענט פֿון דער רעגירונג און
יעדערער מוז איר אָ, זײַן קאָרעספּאָנדענץ",
בּ. בּ קי, אונזערע פֿאָדערונגען, זשענעוו 1905,
ז, .
אָפּגלייזן — טרוו גלייז אָפּ, ~געגלייזט. 1.
באַגלייזן. באַדעקן מיט אַ גלאזור. דזוו אָפּגלאַזורן
←. 2. ענדיקן גלייזן. פֿאַרטיק ווערן מיטן
גלייזן.
אָפּגלייך — אדוו. דטשמ. נר. הגם. כאָטש.

"די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו האָבן גוטע
האָפֿונג זייער פּאַפּאַ צו זען... אָ, זיי האָבן
אים שוין קוים געדענקט,,, טויבע סעגאַל, עולס
המע)ה, וואַרשע 1883.
אָפּגלייכן — טרוו. גלײַך אָפּ, ~געגלײַכט,

~געגליכן. 1. פֿאַרענדיקן גלײַכן. פֿאַרטיק
ווערן מיטן גלײַכן. 2. גלײַכן אַ לענגערע
צײַט. 3. גלײַך מאַכן. גלאַט מאַכן. אָ, אַ וועג.

“אײדער מע לײגט אױס רעלסן, גלײַכט מען
פֿרִיִער אָפּ די ערד„.
4. אָפּמעסטן, אױסרעכענען אין פֿאָרױס עס
זאָל זיך בּאַקומען גלײַך. אָ, די פֿיסלעך פֿון
טיש. „דער שנײַדער מוז אָ, דעם אײבּערשלאַק
מיטן אונטערשלאַק“.
5. האַלטן (מאַכן) גלײַך סאָצ אַל,
פּסיכאָי

אָפּגליסעװען

לאָגיש. שטעלן אין דער זעלבּיקער קאַטעגאָריע.
„מע קען אָ, רעכט, אָבּער ניט אָ, פֿעאיקײטן“.
אָ, אַ תּלמיד־חכם מיט אַן עם־האָרץ. „אָט װעל
איך דיר גײן מעלקן די קי און אַרבּעטן אין
פֿעלד גלײַך מיט פּאַראַסקען צו װעמען זי
גלײַכט מיך אָפּ“, אַ סגולה פֿאַרן דלות,
טשערנאָװיץ תּש״ד. [פֿרגל. „אָט װעל איך דיר גײן
מעלקן קי און אַרבּעטן אין פֿעלד גלײַך מיט
פּאַראַשקען צו װעמען זי גלײַכט מיר אָפּ ִי“,
ז מוירער, זײַ ניש ט קײן װאױלער יונג II,
ז, 46.]
6. (מאָס) בּרענגען דערצו אַז אָנשטאָט
> אָדער < זאָל קענען זײַן =. די אָפּעראַציעס

אָפּצוגלײַכן אַן אומגלײַכקייט. אויך מיט
ז י ך. ־ונג. ־עניש.
אָפּגליסעווען — טרוו ־סעווע אָפּ, ~
געגלי.
סעוועט. פּפֿ. ,גליסעיען. (שוסטערײַ)
אָפּשמירן די ראַנדן פֿון זויל.
אָפּגל עןן — גלי אָפּ, ~געגליט. אוטוו —
1. מער ניט גליִען, אויפֿהער גליִען. ,,די קוילן
האָבן אָפּגעגליט, זײַנען שוואַרץ געוואָרן“. ״די
הייסע ליבע האָט שוין אָפּגעגליט,,. ,,דער
זומערדיקער טאָג האָט פֿאַרבײַק אָפּגעגליט,,, אפֿא
יעקבֿס געצעלטן 2. גליִען אַ לענגערע צײַט.
״די קוילן אין אויוון גליִען אָפּ אַ גאַנצע נאַכט,,.
טרוו — אָפּבֿרענען די אייבערפֿלאַך מיט אַ
שטאַרק פֿײַער. אָ אַ בלעך (בײַם כשרן). ,,ווען
,
מן גאַנץ פֿערטיג איז [מיטן ציִען חלבֿענע ליכט],
אַזו זאָל מן דען הערט ווידר אבּ קליהן מיט
קולין“, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ,
תּמ,,ה? סט/א.
אָסגליקן — גליק(ט) אָפּ, ~געגליקט. אוטוו,
דריטפּערזאָניק אויך אומפּ — זיך אײַנגעבן.
מצליח זײַן. אומגעריכט האָבן מזל. אָ, אין

קאָרטן, אין מסחר. „עס האָט זיי אָפּגעגליקט: זיי זײַנען אַרויס בשלום,.. “עס האָט איר אָפּגעגליקט צו קריגן דעם בעסטן חתן“. „בלויז אָדם־הראשונען האָט אָפּגעגליקט צו קריגן אַ ווײַב אָן אַ שוויגער“, פֿוול. פּפֿ: עס האָט אים אָפּגעגליקט ווי אַ משומד (אַ גוי, אַ ניט־ייִדן, ווי עשׂוקען); עס גליקט אים אָפּ ווי דעם איינציקן כּהן אין קלויז [וואָס קריגט יעדע וואָך אַן עליה].

“אַז מע לאָזט אַ ייִדן זיך אויסוויינען, זאָגט ער אַז עס האָט אים אָפּגעגליקט“, שוו. „עס האָט אים טאַקע עטלעכע מאָל אָפּגעגליקט... אָן פּאָשלינע איבערכאַפּן דעם גרענעץ,,, פֿערוואָרפֿענע פֿרוי, וואַרשע 1876. „דו פֿרייסט זיך... וואָס עס האָט דיר אָפּגעגליקט צו טאָן אַן עבֿירה, און דײַן פֿרייד איז ניט פֿון די הנאָה פֿון איר, נאָר פֿון איר טואונ׳, ר, גרשון מאיר באָיאַרסקי, דעם יצר הרע'ס שוהלע, פּיעטריקאָוו 1911. „עס האָט אים אָפּגעגליקט עפּעס דאָרט אין די אייבערשטע וועלטן מתקן צו זײַן,,, אַש, תּהילים ייִד.

טרוו — באַגליקן. גליקלעך מאַכן. רײַך מאַכן. “ער זאָל מיך אָ, קען איך עס ניט טאָן,,. ־עניש.

1725

אָפּגלעטן — טרוו גלעט אָפּ, ,גענלעט.

1 פֿאַרענדיקן גלעטן, מער ניט גלעטן. 2. גלעטן

.

אַ לענגערע צײַט.

3. צערטלעך מיט דער האַנט באַרירן אַ טייל פֿון אַ צווייטנס קערפּער. אָ, דעם קינד אַן אָרט וואָס טוט וויי. אָ, די בעקעלעך וואָס זײַנען ווי פּאַמפּעשקעס. אָ, און אויסקישן די הענטעלעך. "ס'נעסטל ווייך אויסגעבעט, די שנעבעלעך שוין אָפּגעגלעט,,, פּרץ, לידער און פּאָעמעl.

4. אויסגלײַכן, ברענגען אין אָרדענונג גלעטנדיק מיט דער האַנט. ,,מע האָט אָפּגעגעסן, דער פֿעטער גיט אַ גלעט אָפּ די באָרד,,, י קעשיניעווסקי, דער מעדאליאָהן, אַדעס 1875. "איך טאָרן זיי ניט פֿלעכטן זייערע האָר אום שבת, נאָר זיי אָ, מיט דער האַנט, אָבער ניט מיט אַ רעסער,,, לט2, פֿא/א.

5. באַרירן אַ טייל פֿון אַ צווייטנס קערפּער מיט אַ זאַך. אָ, די אויגן מיט אַ וואַרעם, נאָרוואָס אויסגעלייגט איי — אַ סגולה צו אַ גוטער ראַיה און אַ היילמיטל פֿאַר קראַנקע אויגן. גלייבעניש: אָ, אַ מכּה, אַ געשווילעכץ — מיט דער ט ו י ט ע ר האַנט פֿון אַ גוטן־ייִד אַ צדיק.

באַרירן בדי די מכּה זאָל פֿאַרשווינדן.

6. אָפּפּרעסן. מאַכן גלאַט(יק) מיט אַ מכשיר, מיט א פּלעטאײַזן. אָ, די שפּיצן פֿון דער בלוזקע. „זיי זײַנען גלאַט און גלײַך ווי מע האָט זיי מיט דעם הרבל אָפּגעגלעט„, משניות, סדר זרעים שהעתּיק ר, לוי בר, אַבֿרהם ב״ק, טשערנאָוויץ 1862. ״די פֿאַלץ־מאַשינעס וועלן אָנהייבן שלײַפֿן דעם לעדער, אים אָ'״, א. אבטשוק, זב, ׳ ו אָקטיאבערט, מאָסקווע 1931.

7 פֿאַרגלעטן, אויסגלײַכן אַ סכסוך. „ פֿראַנק. רײַך... גלעט שוין אָפּ מיט די שכנים. אין דער מדינה אַליין איז ניט רואיק„, קמ, 34 1868, No. אָ, עמעצן מיט זיסע רייד.

אויך מיט ז י ך — קזוו. ־ונג. עכץ. ־עניש.

אָפּגמרן — [... גאַמרן] טרוו. גמר אָפּ, ׳ ...,

געגמרט. אָפּענדיקן. פֿאַרענדיקן. „מע מוז טאָן איידער זיי וועלן דאָרט צווישן זיך אָ'״.

שוואַרצער יונגערמאַן, דער אומבעקאַנטער בוכהאַלטער, אַדעס 1907, ז, 75 —עניש.

.

--

אָפּגנבענען — [... גאַנוועוענען] טרוו. גנבֿע אָפּ, ~געגנבעט. 1. מער ניט גנבֿענעז. „ער איז איצט אַן ערלעכער מאַן: וואָס ער האָט געקענט האָט ער שוין אָפּגעגנבֿעט“. 2. גנבֿענען אַ לענגערע צײַט. אָ, אַ גאַנץ לעבן פֿון די אָרבעטער.

3. אַראָפּנעמען בגניבֿה, אומבאַמערקט. „דער מענטש וואָס פֿאַרקאַרגט זײַן עסן... האָט אַ פּנים ווי אַ בעל־עגלה וואָס גנבֿעט אָפּ פֿון זײַן פֿערד אַ יאַרמלקע האָבער„, אמד, אמרי בינה, ווילנע 1864.

4. אַראָפּנעמען (אַזוי ווי בגניבה) צײַט פֿון אַן אַרבעט פֿאַר אַן אַנדער טואונג. אָ, פֿון דער צײַט פֿון לערנען זיך צו שפּילן אין הויף. אָ פֿון בעלהבית האַלבע שעהן. “איך האָב מיר קוים דיא

אָפּגעאַסרט

שעה אָ[בּ]גיגנבֿיט, דען איך האָב פֿיל צו טאָן“, פּדאָגב, ז, 3־4.

5. דזוו צוגנבֿענען. „פילנעווע דעם גנבֿ און ער וועט פֿון דיר אָ, אַ קיכל„, שוו „מע האָט זיי [די ייִדן] אָפּגעגנבעט איינער ביים אַנדערן, פֿונקט ווי מע גנבֿעט אַרויס בײַ יענעם אַ בהמה פֿון שטאַל„, א. י בוכבינדער, ייִפֿאָל, 1886, No 40. „ווי זאָל זי קענען אָ, דעם קינד אויס ראַכע“, מ אחו1, סיפּור משני בעלי־תּשובֿה, ווילנע תּרנ„ו.

מיט ז י ך — זיך אַרויסכאַפּן אין דער שטיל, אַרויסשלײַכן מע זאָל ניט באַמערקן. „פֿון קאַמערויקע אין מאָנאַסטיר איז גאָרניט קיין מהלך, פּייגעלע האָט זיך אָפּגעגנבֿעט פּרײַטיק־צונאַכטס צום גלח„, פּל „דעמאָלט האָט ער זיך פֿון עולם אָפּגעגנבֿעט און אַוועק צו זיך אויפֿן הייפּל“, וו ס, צוס איידעס אויף קעסט, ן, 114.
־עניש.

אָפּגנ ען — אוטוו גניִע אָפּ, ~געגניִעט.: >

ni . סל. אינגאַנצן אָפּפֿוילן, פֿאַרענדיקן פֿוילן. “דער פֿוס וועט אָ„ מע מוז אים אָפּשנײַדן — און אַ סוף„.

□

אָפּגעֿ — די ווערטער וואָס מע געפינט
ניט מיט □ □ע... ← אָפּ □־־ דעם
אפּ□
ערשטן אות פון שטאַם.

אָפּגעאורטיילט — אדי, פּאָר 'אָפּאורטיילן'.
אָ, פֿון העכסטן געריכט. „.... איז געשטאַנען
ווי אָ'‟, ח. בֿ צימבלער, דיא גענעראַלשע. ,
ווילנע 1887.

אָפּגעאָטעמט — אדי, פּאַר אָפּאָטעמען ←.
„אַן אָ'ער, אַ באַרואיקטער, האָט ער גענומען
באַטראַכטן דעם גאַנצן פלאַן„ ־ערהייט
.
־קייט — ‟מיט אַ האָפֿערדיקער אָ'‟, אַבֿרהם
פּאט, ליכט און שאָטן, נ„י 1967.

אָפּגעאיידלט — אדי, פּאַר אָפּאיידלען ←.
אָ'ע הענט. אָ, געשמאַק. אָ'ער בריליאַנט ־
ער.
הייט. ־קייט.

אָפּגעאיינזאַמט — אדי, פּאַר 'אָפּֿאיינזאַמען'.
נעאָל. אָפּגעטיילט און געמאַכט איינזאַם. אָ'ער

נזיר. „... דורך דער ווײַסער אָ'ער לופֿט פֿון די פֿאַרפֿרוירענע בערג און טאָלן‚„ ברוך גלאַז—מאַן, שטיינוועבס, מאָסקווע 1925. ־קייט.

אָפּגעאינדזלט — אדי, פּאַר ,אָפּאינדזלען..

נעאָל. אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט ווי אַן אינדזל. „אָ, פֿון דער גרויסער וועלט פֿון וואוילטאָג‚„ יג, איק, 1957 X 11.

אָפּגעאַכט — אַדי, פּאָר אָפּאַכטן ←.

חשובֿער, אָ'ער גאַסט. „אַ גאַלאַגאַנער האָן גאָרגלט, דרייט ווי אַ חתן־בחורל אַן אָ'ער‚„ ר, מרדכילע, משלים. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעאַמפּערט — אדי, פּאָר אָפּאַמפּערן זיך

⃞. שוין אַן אָ'ער וויכוח, ענין.

אָפּגעאַסרט — אדי, פּאָר אָפּאַסרן ←. אָ'ע סחורה. אַ פֿאַרווערטער, אַ'ער ענין, שטאַנדפּונקט. —ערהייט. ־קייט.

אָפּגעאַקערט

אָכגעאַקערט — אדי, פּאָר אָפּאַקערן ←. אָ, פֿעלד ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעאַרבעט — אדי, פּאָר אָפּאַרבעטן ←.

אַן אַלטע, אָ'ע פֿרוי. אַ צירונג, וואונדערלעך

אָ'. די אָ'ע שטאָפּן. אָ'ע זאָקן. אַ שווער אָ'ער טאָג. ,,איז זיא מיד גיוועזן און אבּ גיערבּט גיוועזן,,, לט 1, ו/א. סהמ פֿאַרטײַטשט 'נפּש עמל, (משלי, טז, 26): ,,איין אבּ גיארבּטר לייבּ" [תּי: ,,דער הונגער פֿון אַרבּעטער,,]. ,,אַ קינד וואָס איז אָ', דאָס מיין מע האָט אים מל געווען,,,

איבּז תּנחומא וואַרשע תרמ,,ו, פּח ־ ער.

הייט. ־קייט.

אָפּגעאָרדנט ער — 1. סובּ ־ער, ־ע. גאַ .

ליצע. דעפּוטאַט, געקליבּענער פֿאָרשטייער אין אַ פּאַרלאַמענט. ,,אינעם לאַנדטאָג זענען אַרײַנגעקומען צען ייִדישע אָ'ע,,, יודישער קאלענדאַר לשנת תּרע"בּ, לעמבּערג 2 .l911. אַדי. געשיקט, באַפֿולמעכטיקט. ,,איך ווייש פֿון זיכרר

ה◌אַ]נט דז ער איין אבּ גיאָרדנטר שפּיאון פֿון אײַער מײַעשׂטעט פֿײַנדין איזט,,, מראות הצובאות, וואַנדזבּעק 1718.

אָפּגעאַשט — אדי, פּאַר אָפּאַשן'. ,,אויף יע,

נער זײַט פֿון יאָרן און זכּרון, / הענג איך אויף אַ תּליה / צווישן אָ'ע זונען", סוצ, פּוו II, ז,

.88

אָפּגעבּאָדן — אדי, פאַר אָפּבּאָדן (זיך) ←.

אָ'ענע קינדער. „אַן אָפּגעזידלטער, אַן אָ'ענער, אַן אויסגעצוואָגענער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ“. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעבּאַזונדערט — אדי, פאָר

אָפּבּאַזונ,

דערן'. אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט, אָפּגערוקט. „דאָס דאַמאָלטיקע ייִדישע לעבן איז געווען... אָ, פֿון דעם ניט־ייִדישן לעבן“, הקדמה צו משפּחה מאשבער, איקוף־אויסגאַבע.

אָפּגעבּאָט — דאָס. ־ן. תּנאָים. „לחתום בפּנקס המעטריקאַל... כּך וכך היה האָפּגעבּאָט...

וביום כך וכך היו הנישואין“, ר, א רהם יעק הלוי הורוויץ, שו„ת צור יעקבֿ, בּילגאָריי תּרצ„בּ, ז, 74.

אָפּגעבּאָלבּעט — אַדי, פאָר אָפּבּאָלבּען ←.

אַן אָ'ע דרשה. אָ'ע נאַרישקייטן ־ערהייט.

.

־קייט.

אָפּגעבאַקט — אדי, פּאָר אָפּבאַקן ←.

פּפֿ: ~געבאַקן. אָ'ט ברויט. אָ'ן ווי אין אַן א□יוון. „האָט מען געפֿונען אויסגעטריקנט ברויט,... אָ'ן 1800 יאָר צוריק„, ש. ז. קרית איבֿז, נ. רובאַקין, וואונדר אויף דער וועלס, קיִעוו 1895. *אָ'ן ברויט = (לד) ראָזעווע ברויט, וואו דאָס האַרטע, די קאַרע, איז אויפֿגעהויבן, אָפּגעטיילט פֿון דאָס ווייכע [אַ סימן פֿון ניט גוט אויסגעבאַקן ברויט]. ־ערהייט.

־קייט — ''פֿון אָ, שוין פֿאַרטריקנטע שוואַרצע רעפֿטלעך ברויט'', הערש לייב קאָזשעבער, קאַזיאָנע גימנאַזיע, טשערנאָוויץ 1937.

אָפּגעבאָקעוועט — אדי, פּאָר אָפּבאָקעווען ←. וואָס האָט פֿאַרפֿעסטיקטע זײַטן, ברעגן,

1726

באָקעס. אָ'ע ברעגן פֿון טײַך, אָ, מיט שטיינער (ציגל, קלעצער אא).

אָפּגעבאָרגט — אדי, פּאָר אָפּבאָרגן □.

כּלים, אָ'ע פֿון די שכנים. אַן אָ, זידלוואָרט. ־ערהייט ־קייט.

.

אָפּגעבאַרעט — אדי, פּאָר אָפּבאַרען ←.

אָן אָ'ע קאַפּאָטע. אָ'ע פֿעל פֿון דער אַלטער
קליאַטשע. ער איז אָ', פֿאַרזונקען אין דלות.
אַן אומבאַהאָלפֿענער, אַן אָ'ער. „אין דעם כּיס
געפֿינט מען אַ דרײַער, אויף טאַלטל אַן אָ'ן
קליפֿט“, גנבֿים־ליד. „שפּרינגט מען אַרײַן אין
אַן אָ'ן טיזליק„, מ דלוגאטש, דער לאַכידיקער
ווערטיל זאָגער, לעמבערג 1883. „דאָס פּנים
פֿאַרבמאַרעט און אַלט ספּאָדיקל אָ„, אבּג
„האָט דער מחותּן געגעבן אַ גרויסן אָ'ן
קעלבערנעם תּפֿילין־זאַק„, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגעל,
אַדעס 1895. „אַן אָ, ייִדל, בלייך, גרוי וו אַ
י
טויב“, ממוס, טאַקסע. אַן אָ'ע — וואול. וואָס
האָט שוין אַ סך מאָל געהאַט סעקסועלן
פֿאַרקער. אויך אָפּגעבאַרעוועט. „מײַן אָ'ע
בת־יחידה, די קאַפּאָטע, וועלכע איז שוין פֿון
לאַנג אויס בתולה נאָר אַ זקנה„, יסtראל
חסרכּח, [ג. אָ. גאָרנשטיין], זלידניעפֿקער לעבענדע
פֿהאָטאָגראַפֿהיע, באַרדיטשעוו 1891, ז, 27.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבאַרשט — אַדי, פּאַר אָפּבאַרשטן ←.
אָ'ער מאַנטל. אָ'ע רעפּוטאַציע. ־ערהייט.
־קייט. אויך: ~געבאָרשטן.
אָפּגעבדהנט — אַדי, פּאָר אָפּבדהנען ←.

אַן אָ, באַדעקנס.
אָפּגעבויגן — אדי, פּאָר אָפּבייגן ← אָ'ענע צווײַגן. אָ, זײַטל פֿון בוו. אָ'ענער טשוואָק.
אָ'ער זוים פֿון קלייד. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבויט — אַדי, פּאָר אָפּבויען (זיך) ←.
אָ, הויז. אַ גאַס, אָ, נאָך דער שׂריפֿה. שוין פֿאַרטיק אָ'. אַן אָ'ער = געשטאָרבענער,
אומ.

-

איידל. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּגעבן (זיך). כּסדרדיקע אָ,.
אָפּגעבונדן — אַדי, פּאַר אָפּבינדן (זיך) ←.
אַן אָ'ענער בייזער הונט. אַן אָ'ענע — אַ
גע —

געטע. „הותּרה הרצועה — הייסט דאָס עס איז שוין אָ, דער בײַטש פֿון דעם בײַטש־שטעקל, ד״ה מע וועט שוין מער ניט שמײַסן“, אמד, אַמעריקאַנער געשיכטע, ווילנע 1899. „צונגען אָ', אויגן אָנגעצונדן — וועט פֿאַר די געטראַנקען יעדער אונדז באַדאַנקען,„ יהואַש, ,דאָס ליד

פֿון די כּרמים, ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעבורבלט — אדי, פּאַר אָפּבורבלען ←.

אַן אָ'ע תּפֿילה, בקשה. אָ'ע טרייסטווערטער.

־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעבושעוועט — אדי, פּאָר אָפּבושעוועַן

←. אַן אָ'ע זאַווערוכע. אָ'ע כוליגאַנעס.

,,שווערע טראָפּנס פֿון שוין לאַנג אָ'ן

גאָסרעגן,,, ד. פּ לדמאַן איבז א. סליסאַרענקאָ, דער שוואַרצער מאַלעך, כאַרקאָוו, יאָרי ־ערהייט.

אָפּגעבלויט

אָפּגעביטן — אדי, פּאָר אָפּבײַטן ←. אָ,

ק ייִד. אָ'ענע סחורה. אָ'ענער צענער. ־ ערהייט.

אָסגעבייטלט — אדי, פּאָר אָפּבײַטלען ←.

אָ'ע מעל. אָ'ער יאָלד. ־ערהייט.

אָפּגעבילדעט — אדי, פּאָר אָפּבילדן'. וואָס

,

האָט אַן אָפּבילד. ,,רעאַליטעטן, ווי זיי ווערן קאָנקרעט אָ, בײַם מענטשן אין קאָפּ,,, אַפֿנ

שפּראכפֿראָנט, קעוו 3, 1934-4.

אָפּגעבּיסן — אדי, פּאַר אָפּבּײַסן ←. אַן אָ'ענער עפּל. אַן אָ'ענע המוציא. אָ'ענע ציצה. „כאַפּט מען זיך צום פּיטום פֿון אתרוג און מע דערזעט אַז ער איז מחילה אַן אָ'ענער„, שע, דער אתרוג'. „ווי דורך אַ דינע זיפּ גנבֿעט זיך אַן אָ'ענע לבֿנה„, ספּ, סודות „געבּליבּן זיצן שטאַרק פֿאַרוואונדערט מיט אַ נאָר וואָס האַלבּאָ'ענער הייסער קאַרטאָפֿליע אין מויל„, ווײַס I, 'דער אָרעמער יונג'. -ערהייט. -קייט.

אָפּגעבּלאָזן — אַדי, פּאָר אָפּבּלאָזן ←. אָ'-ענער שטויבּ, שניי אא. אָ'ענער שופֿר. -ערהייט. -קייט.

אָפּגעבּלאַנקט — אדי, פּאָר אָפּבּלאַנקען ←. אָ'ע שטאָפֿן. אָ, זילבּערוואַרג. „איך גיי צו אָ'ע שנייען“, צײַט, גש I, טויט-געפֿיל'. -ערהייט. -קייט.

אָפּגעבּלאַסט — אַדי, פּאָר אָפּבּלאַסן ←. אַן אָ, פּנים. אָ'ע קאָלירן. „מיט אָ'ע ליפּן... נאָכ
געזאָגט מיט הסכמה“, נס, משפּחה מאַשבּער II. -ערהייט. -קייט.

אָסגעבּלאַקירט — אדי, פּאָר אָפּבּלאַקירן ←. אַן אָ, קליידל. אָ'ע סחורה. אָ'ע ליפּן. „מיט

דיזער בשׂורה האָט זי... אָפּגעפּרישט דעם
פּאַרגעסענעם אָדער אָ'ן טרוים", אמד, ר, שמעון
באַבון, ווילנע 1874. „דער פּאָטער פּון דעם
צווייטן, שוין אָ'ן דור", בעמ I. ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעבלאַקעוועט — אַדי, פּאָר אָפּבלאַקעווען
←. דזוו אָפּגעבלאַקירט. אָ'ע קאַפּאָטע. אָ'ע
אידיי. „אינאיינעם מיט אָ'ע, אָפּגעפּאָרענע,
כלומרשט נאָך דער מאָדע גענייטע קליידלעך",
ממוס, ווינטשפּ. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבלוטיקט — אדי, פּאָר אָפּבלוטיקן ←.
אָ'ער קערפּער. אָ'ע יאָרן אין תּפּיסות. „טראָ ן
אין זייערע קרומע נעגל אָ'ע און שטומע
לעמער", הל, 'ביים כותל מערבי'.. „דאָס
אויסגעצערטע און אָ'ע פּנים פּון דער געטאָ", פּמ,
טראָט פּון דוירעס, מאָסקווע 1966 ־
ער.
הייט. ־קייט.
אָפּגעבלויזט — אדי, פּאָר אָפּבלויזן ←.
מיט אַן אָ'ן אייבערשטן טייל פּון קערפּער.
← אָפּגעבלייזט. ־קייט.
אָפּגעבלויט — אדי, פּאָר אָפּבלויען ←.
„צי ווייסט זי [די בלויע וואנדערבלום] אַז ווען
איר בלוי וועט זיין אָ', וועט זי זיין טויט",

מלך ראַוויטש, עיקר שכחתי􀀀 מאָנטרעאָל 1969.

אָפּגעבּלוקעט

אָפּגעבּלוקעט — אַדי, פּאָר. לר: 􀀀 􀀀 􀀀 􀀀.

s􀀀k􀀀]וrmbl. אָפּגעבּלאַקירט, אָפּגעקראָבן.

אָסגעבּל אַקט — אַדי, פּאָר אָפּבּל אַקז'.

דזוו אָפּגעבּל(י)אַקירט. „אָ'ע אויגן“, „אָ'ע שויבן,„ 􀀀פֿאַרקריפּלט, אַלט און אָ',„ יהואָש. „די זיבּן פֿאַרבּן זײַד צעקנייטשט און אָ',„ מל.

אָפּגעבּל אַקירט — דזוו אָפּגעבּלאַקירט ←.

„ניט קיין צוציִענדיקע רויטקייט, נאָר עפּעס אַן אָ'ע“, סעג, מ􀀀.נע זיבּן יאָר אין תּל־אָ􀀀י􀀀, בּ„א l9􀀀9. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעבּל אַקעוועט — דזוו אָפּגעבּלאַקעוועט

􀀀. די אַפֿטע פֿאָרעם אַזוי בּײַ ייִל, ממוס, שע, פּרוג, ספּ, אַפּא, ייִז, פּמ. אַן אָ'ע קראַסאַוויצע. אַן אָ'ע פֿאָטאָגראַפֿיע. ווערן אָ, אויף דער עלטער. שרײַבּן מיט אָ'ן טינט. “אויסטאָן פֿון זיך דעם אָ'ן מאַנטל פֿון יחוס,„ אַבּרהס

יצחק בוכבינדער (איש אדעסא), דער
בלומענגאָרטן, ווילנע 1885 —ערהייט ־קייט —

. .

,,אײַנדרוק פֿון אָ,,,, ש. גאָדינער איבז, מ.
גאָרקי, קלים סאַמגי[ס לעבן, מאָסקווע l937.
אויך: ~געבליאַקעט — ,,ס'זײַנען אַלע
שיינקייטן געלעגן אָ,,,, רוב, 'אויף די חורבֿות
פֿון וואַרשע,.
אָפּגעבליווקעוועט — אַדי, פּאַר '
אָפּבליווקעווען'. דזוו אָפּגעבליאַקעוועט. אַן אָ'ע
פֿאָטאָגראָפֿיע. ,,אין מײַן אָ, כאַלאַטל“, ייִל, ניט טויט,
ניט לעבעדיג, ווילנע תּרנ,,ח.
אָפּגעבליט — אדי, פּאַר אָפּבליִען ←. אָ'ער
עפּלבוים, אַן אָ'ע, אַ פֿאַרוועלקטע יוגנט. ,,אַרום
די ווינקלען פֿון זײַן אָ'ן מויל ציסערט דער
באַגער“, נחוס יוד. ,,מײַנע ליבע לאַנען...
גענומען האָבן וויאַנען, פֿאַרדאַרט און אָ'ע“,
ב לאַפּין, צייכנס. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבלייזט — אַדי, פּאַר אָפּבלייזן ←. אָ'ע
בריסטן. ← אָפּגעבלויזט. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבלייכט — אדי, פּאַר אָפּבלייכן ←.
אָ'ע טינט. אָ'ע סחורה. אָ, פנימל. ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעבלעטערט — אַדי, פּאַר אָפּבלעטערן

← . אין אָ'ן פּאַרק. ,,גליוועורט... אויף אַן אָפּגעהאַקטן צווײַג פֿון אָ'ן בוים,,, חג, טמז, 24 1969 X. אויך: □ ..געבּלעטלט, לע, איק, ר,,ה תשכ,,א. ־קייט.

אָפּגעבּן — טרוו גיבּ אָפּ [← אויסגעבּן, 169], □ .־,געגעבּן. 1. פֿאַרענדיקן דעם פּראָצעס פֿון געבּן. מער ניט דאַרפֿן געבּן, דערלאַנגען. אָ, דעם שליסל דעם גנבֿ אין די הענט אַרײַן. ,,ער האָט שוין אָפּגעגעבּן אַלץ — ער איז שוין פּטור". ,,דאָס לעצטע העמד אָפּצוגעבּן, אַבּי אַ גבֿיר צו זײַן", פֿוול. אָ, דעם לעצטן בּיסן. אָ, עפּעס עמעצן אין די הענט אַרײַן.

2. אַוועקגעבּן. געבּן אויף ניט צו בּאַקומען צוריק. שענקען. אָ, פֿאַר אַ שיבּוש. אָ, אויף אַ גוטן אופֿן. אָ, אין גלײַכן געלט. אָ, רובּל פֿאַר רובּל. ,,געגנבֿעט און אָפּגעגעבּן צדקה —

הייסט געגנבט,,; ,,דאָס לעצטע אָ,, אַבּי ניט לעבערלעך צו זײַן,,, שוו. אָ, אַן אוצר — די יונגע יאָרן און צניעות. ,,בּײַ אײַך אָפּצוגעבּן,, — ווערט געזאָגט צוזאַמען מיט אַ דאַנק אָדער אַנשטאָט אַ דאַנק בּײַם בּאַקומען אַ מתּנה צו

אַ פֿריידיקער געלעגנהייט. אָ, די לעצטע כּוחות פֿאַר.... אָ, די קאַ פּ אָ ט ע=שטאַרבן. „איז
.

בײַ מיר געווען אַ געדאַנקען קינדער צו פֿאַרזאָרגן, זיי אַלץ אָפּצוגעבן", ליאָנדאָר בּש, ווילנע 1844, ז, 56. „יענעם גיב איך אָפּ אַ האַלבן אייגנס מײַנעם", פּם „אַלע פֿלאַמען פֿון מײַן יוגנט האָב איך לאַנג שוין אָפּגעגעבן„, סעג, לירישע לידער, קיִעוו 1919.

3. געבן געצוואונגענערהייט, ווען עס איז ניטאָ קיין בּרירה. אָ, דעם רויבער אי געלט אי צירונג. גיט אָפּ פֿון אײַך די קליידער אויך. נו, האָבן זיי פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די קליידער בּיז צום העמד„, מע)ה אומן. „ווער עס עסט בּײַ די דײַטשן פֿלייש, מוז זיי אָ, די ביינער„; „ווער עס קריגט פֿון די דײַטשן איין ביין, מוז זיי אָ'ן דעם גוף און די נשמה", שוו [אונטער נאַצי־אָקופּאַציע: אַפֿילו דער וואָס דינט זיי — ווערט ליקווידירט פֿון זיי].

4. צוריקגעבן אַ גענומענע (געליִענע, פֿאַרכאַפּטע, געפֿונענע) זאַך. "גנבֿענען איז אַ

נרעסערע חרפּה ווי אָ"", שוו. „בײַם אָ, ציטערן
אים די הענט„, פֿוול. „אַ בושה איז נאָר צו
גנבֿענען, אָבער ניט אָפּצוגעבן„ ◊ „דער זכּרון
דינט בײַם באָרגן, און בײַם מאָנען, אָבער ניט
בײַם אָ'„; „אויף גמילות־חסדים שטייט די
וועלט, און פֿון ניט־אָ, גייט זי אונטער" ◊ „ווען
פֿרייט זיך גאָט? אַז אַן אָרעמאַן געפֿינט אַ
מציאה און גיט זי אָפּ„, שוו [לויט... 'ועל עני
המחזיר אֲבֵדה לבֿעליה„ פסחים קיג/א]. „
מבֿטיח זײַן און ניט אָ, — פֿאַרשפּאָרט מען אַ
קראָם צו האָבן„ [= קיינער וועט ניט געטרויען] ◊
„אייביק ניט לייקענען און אייביק ניט אָ, איז
אַ סוחרישער כּלל„, שוו „נעמען זייער גאַנץ
לעבן נדבֿות... אַ גמילות־.חסד קלאָמפּערשט,
הײַנט־מאָרגן גיבן זיי עס מיט דאַנק צוריק
אָפּ", ממוס, פֿישקע. „ער [דער רבֿ] זאָל
פֿאָדערן מע זאָל אָ, דעם טויטן קערפּער
ניטצעשניטן„, קמ, 32 1864, No. *אָ, מיט פּ ר אָ -
צ ע נ ט = מער, עפּעס מער ווערטיקס ווי מע
האָט באַקומען. „לאָזן זיי אויסרופֿן אין די שולן
אַז זיי האָבן געפֿונען אַ קלייד, און ווער עס
וועט זאָגן הסימן — וועט מען אים אָ, די
קלייד„, שהמ א/ב. אָ, אָ ח ו ב = א)

באַצאָלן געלט וואָס מען איז שולדיק ב) אָפּדינען פֿאַר אַ טובֿה; ג) זיך אָפּרעכענען פֿאַר אַן עוולה וואָס מען איז באַגאַנגען. אויך: אָ, עמעצן זײַן שטעל. אויך: "ער האָט אים אָפּגעגעבן זײַן עובדא צו פּוצן די שטיוול", מפֿענח נעלמים, וואַרשע 1889, פּ/א.

5. געבן צו באַנוצן, צו געברויכן. אָפּטרעטן. געבן אויף אַ באַשטימטער צײַט. אָ, אַ צימער צו פֿאַרדינגען. אָ, א ו י ף אַרענדע. אָ, אויף פֿינף יאָר. אָ, געלט אויף פּראָצענט. „האָט געלערנט דאָרטן מיט די קינדער און האָט

אַפּאָפּגעבן

גענעבן צו די בעלי־דבֿרים דעם בוידעם„, שבֿחי בעשט. „איו ועל אײַך אַ פּאַראַדנעם צימער אָ, און איר קאָנט זיך דאָרט אויסרוען", ש. יאָסעלאָוויץ, ר, עזריאל, ווילנע 1892, ז, 5.

6. געבן אין חילוף, אין אויסבײַט. אָפּדינען. „אָפּגעגעבן הר־ההר און געקראָגן שלורעס אַ פֿאָר", פֿוול פֿאַר ברויט גיט מען אָפּ שטיי. „

נער„, שוו. אָ, אַ רעה פֿאַר אַ טובֿה. „דער וואָס גיט אָפּ אָ רעה פֿאַר אַ טובֿה זאָל קיין רעה

אויס זײַן הויז נישט אויס □.ין,,, מס, משלי
תּקע"ד, יז, 13. ,,אָ, שטיינער פֿאַר זאַלץ און
בּרויט איז ניט אָרנטלעך". ייִפֿאָל, 29 1887, No.
אָ, כּ ר ו י ט = אָפּצאָלן. אָפֿדינען מיט גוטס
פֿאַר גוטס.

7. איבּערגעבּן אין צווייטנס רשות אָ טייל
פֿון מאַכט, פֿון פֿליכטן. אָ, אַן אײַנגענומענע
געגנט אין די הענט פֿון רעם אַרמיי־פֿירער. אָ,
צו פֿאַרוואַלטן מיט.... ,,הקבּ,,ה האָט ניט צו
טאָן מיט בּייזע לײַט. נאָר ער גיט זיי אָפּ צו
בּייזע מלאבים", לט□, ז□א. ,,הקבּ,,ה האָט
אָפּגעגעבּן דעם שׂטן זײַן חלק, ער זאָל צו איובֿ
יסורים אָנטאָן,,. נצ□, פֿד/ד. "איך האָבּ נאָר
אַכטונג געגעבּן אויפֿן עסק וואָס גאָט האָט
אָפּגעגעבּן די מענטשנקינדער זיך צו קלויצען
דערמיט,,, מס, קהלת תּקע,,ט, ג, 10.

8. שיקן זיך לערנען אין שול, אין חדר,
צ ו אַ מלמד. ,,צו פֿינף יאָר פֿלעגט מען אָ,
אין חדר". אָ, צ ו אַ בּעל־מלאָכה — זיך
אויסצולערנען די מלאָכה. אָ, אויף דער לער. אָ,
אויף אַ גאַנצן טאָג א י ן אַ שול. ,,אָט אַזעלבן
גיט מען אָפּ אין די הענט אָרעמע קינדער,
יתומים, און עס איז אין פּוצה פּה", בּוקי בּן

יגלי, ייִפֿאָל, 32 1887, No.

9. שיקן אויף אַן אַרבעט, אויף אַ שטעל. ״ער איז געווען געצוואונגען אָפּצוגעבן זײַן טאָכטער פֿ אַ ר אַ דינסט״. „און די מוטער ווערט... ווידער... אין אַ נגידישער שטוב פֿאַר אַן אַם אָפּגעגעבן״. נם. „צי בין איך נישט דײַן איינציק קינד? צוּוואָס האָסטו מיך אָפּגעגעבן צו אַ גרויס געזינד?„„ פֿל [וואָס גרעסער דאָס געזינד, אַלץ שווערער איז די סערכה פֿון דער דינסט]. אָ, פֿאַר אַ משרת, פֿאַר אַ געזעל. ״אַז מען איז אַ שייגעץ, גיט מען אָפּ פֿאַר אַ שוסטער״, שוו.

1O. אַרײַנגעבן אין דער אָרמיי, באַשטימען פֿאַר אַ זעלנער. אָ, פֿאַר אַ סאָלדאַט, פֿאַר אַ יוון, פֿאַר אַ רעקרוט. אָ, אין דינסט. אָ, אין סאָלדאַטן. אָ, צו מיליטער־דינסט. „ער האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו און מע האָט אים אָפּגעגעבן„. „אויסכּרעכן הענט און פֿיס און אָ, פֿאַר אַ סאָלדאַט„„ פֿוול. „ווי שלעכט איז דאָס מיר, ווי ביטער אָן אַ שיעור, אַז מע האָט דיך פֿאַר אַ זעלנער אָפּגעגעבן„„ פֿל.

11. חתונה מאַכן (נאָר ווען אַ פֿרוי). אָ, פֿאַר אַן אַלמן. אָ, פֿאַר אַ בעל־עגלה. „מע האָט ז י אָפּגעגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט„ = חתונה

געמאָכט מיט אַ סאָלדאַט. □. כּ1 o.

12. אַרויסגעבּן עפּעס צו טאָן דערמיט

אָ□ געבּן

(פֿאַרריכטן, וואַשן, רייניקן אא). "אָ, די שמוציקע וועש דער וועש(ער)ין". „מײַנע שסיוול האָט מען אַפֿגעגעכּן צום דאָרפֿישן שוסטער אויספֿאַרריכטן", י א קאצאָוויטש, □6 יאָר לעבּן

13. צושטעלן (אַ בּריוו, אַ פּאַקעט) אויפֿן אָנגעגעבּענעם אַדרעס. "... גיט מען מיר אָפּ אַ בּריוועלע אַז מײַן טײַערע גאָלדע איז קראַנק", פֿל "איר זאָלט מיר איבּערלייענען אַלע אַדרעסן, איך זאָל וויסן ווען די בּריוו אָפּצוגעבּן", יד, אבן נגף. „,... דעם בּריוו וואָס אַ שליח האָט אים אָפּגעגעבּן", יפּ

14. אַרויסגעבּן פֿון זיך עפּעס ווי אַ רעאַקציע. "בּײַם פֿאַרבּינדן זיך [פֿון די עלעמענטן] ווערט אויף דעם אָרט פֿרײַ אַ געוויסע מאָס וואַרעמקייט... וואָס יעדער עלעמענט גיט אָפּ", א. ש. זאקמ, דאָט לעבּן פֿון פֿלאַנצן

15. אַרויסגעבּן אַ ריח, האָבּן אַ בּײַטעם.

''די צדקה פֿלעגט פֿון אים באַגלייט ווערן
מיט... מוסר, וועלכער האָט טאַקע...
אָפּגעגעבן מיט ריצנאייל'', איבֿז, פּאָל עזי, צדקה,
לאָנדאָן 1903.
16. אויסשיידן פֿון קערפּער (עקסקרעמענטן,
ברעכעכץ). אָ, דאַס עסן (די וועטשערע אאַזוו).
 א קראַנקער גיט אָפּ אדנטער ויך,,. אָ,
וואַסער. ''דאָס אומווילקירלעכע אָ, פֿון אורין
האָט אויפֿגעהערט,,, פֿגעז, פֿאַריז 2 1950, No־3.
,,ער טרינקט זיך אָן... און גיט אָפּ חזרה,,,
דר, י. באָגאָליובסקי און צ. שוואַרץ, וו .ן אַלס
הייל מיטל, וואַרשע 1927.
17. זיך אָפּרעכענען. זיך רעוואַנשירן. אָ,
כפֿל־כפֿלים. אָ, אַ פֿאַטש פֿאַר אַ פּאַטש. אָ, צען
ווערטער פֿאַר איין וואָרט.
18. אין פֿאַרשיידענע אויסדרוקן:
אָ, אַ כ ט , באַדײַטונג — אַכטונג געבֿן,
שענקען אויפֿמערקזאַמקייט. ,,אויף דיזן גיבֿן
זיא גוט אבֿ אַכט וואָן זיא צו הויז קומן בײַא
נאַכט,,, דוד מוזיקוס, 'איין שין ליד פֿון די
הנד ווערקשׂ לײַט,, 1775 [פֿש I]. ,,מע האָט
אָפּגעגעבֿן דעם ספּאָרט שוין אַ צו גרויסע
באַדײַטונג'', פֿגעז, ווילנע 12 1924, No.
אָ, אַן אָ ר ט — מיטן ערשטיקן ב און אויך:

בּאַשטימען, אָנוועַזן אַ פּלאַץ. אַרײַננעמען אין
סכום פֿון אינטערעסן. אָנערקענען, אָפּשאַצן די
וויבטיקייט. „אין דער אַרבּעט האָט ער
אָפּגעגעבן אַן אָרט דער געשיכטע פֿון זײַן שטעטל“.
„זי גיט אָפּ איטלעכן דערפֿון זײַן אָרט,
אויסשטעלנדיק זיי ווי זי וויל„, ממוס, 'אַ גרויע
האָר'.
אָ, (אַ) בּ ר ו ך ־ ה בּ א — בּאַגריסן אַ גאַסט,
.
אַ נײַ־געקומענעם. „גאַנץ שטעטל איז געקומען
אָ, בּ'־ה, דעם גאַסט פֿון אַמעריקע„. איר,
בּאַגעגענען מיט זידלערײַען. געכּן אַ חלק. „דער
טאַטע וועט אים אָ, זייער אַ שלעכטן בּרוך־הבּא,
וועט אים זאָגן שטעכווערטלעך„, אַר.
אָ, ג ו ט ־ מ אָ ר ג ן , גוט־יום־טובֿ, גוט־שבּת
— א) אָפּענטפֿערן אויף אַ בּאַגריסונג􏰀 בּ) גריסן
דער ערשטער; ג) קעגנזײַטיק זיך בּאַגריסן.

1728

„אין שול האָט מען דערווײַל אָפּגעדאַוונט,
איינער דעם אַנדערן גיט אָפּ אַ פֿרײַנדלעכן
גוטשבּ􏰀, נפֿתּלי גראָט, טע􏰀tהלעך און משליט
אָ, אַ ג ל אַ נ ץ — אָפּשײַנען. אָפּשפּיגלען.

“באַרשטן שיך ביז זיי הייבן אָן אָפּצוגעבן אַ גלאַנץ„. „די אָנגעקראָכמאַלעטע מאַנישקע האָט אָפּגעגעבן אַ גלאַנץ“, פּײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר.

אָ, דעם ג ע ד אַ נ ק צו עפּעס — כּסדר טראַכטן. זאָרגן וועגן עפּעס. אָ, דעם געדאַנק (צו) דעם פֿאַראיין, דעם קראַנקן קרובֿ.

אָ, דאָס ג ע וו ע ר, וואָפֿן — זיך אונטערגעבן, מער ניט קעמפֿן. „פֿון אַלע סופֿן דער ◌וף זאָל קומען גלײַך, כ'גיב אָפּ דאָס וואָפֿן“, האל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966.

אָ, דאָס ג ע ז ו נ ט , דאָס ל ע ב ן (דאָס גאַנצע לעבן, א האַלב לעבן), דאָס בלוט, מאַרך און בלוט — זיך מקריבֿ זײַן. „פֿאַר קינדער גיט מען אָפּ דאָס לעבן“. „דאָס גאַנצע לעבן זײַנס נאָר אָפּגעגעבן פֿונעם רבינס וועגן„, ייִל. „יעדער איינער האָט דעם מוט אָפּצוגעבן מאַרך און בלוט, ס'היילק ווערק זאָל נאָר געלינגען„, יהואָש

אָ, ג ע ר ע כ ט — מודה זײַן אַז עמעצער איז גערעכט. “ס'איז אַ צײַט אַז מע גיט אָפּ גערעכט דעם גזלן“. „איר גיט דעם רבונו־של־עולם אָפּ דעם גערעכט, מחמת איר ציטערט פֿאַר זײַן שווערן משפּט“, ממוס, „בישיבה של מטה„.

אָ אַ ג ר ו ס — ברענגען אַ ידיעה,
איבער,
גענבן אַ בשׂורה, אַן אָנזאָג. אַ נײַס. „דעם ערשטן
גרוס פֿון גאָט גיט אונדז די תּורה אָפּ מיט
דעם בראשית ברא אלקים„, פּ אַבראַמאָוויץ
(שאַוולי), רעליגיאָן און פֿילאָזאָפֿיע, ווילנע 1912.
„כ'קען אײַך אָ, פֿון אײַער איידעם אַ גרוס„,
פּרץ, דראַמ, שדיפּטן.
אָ, אַ ד אַ נ ק , אַ לויב, אַ לויבעניש, אַ שבֿח,
אַ יישר־כּוח — דאַנקען, לויבן. „ער פֿלעגט
נאָך אָ, אַ דאַנק און אַ לויב זײַן ליבן נאָמען
פֿאַר דעם גרויסן חסד וואָס מע לעבט„, ממוס,
אין א שטורם־צײַט. „ער האָט אויפֿגעהויבן
ביידע הענט און האָט אָפּגעגעבן אַ שבֿח צו
גאָט„, איין וואונדערליכע מעשׂה פֿון צוויי גרוי
סע עשירים, לעמבערג 1895. „פֿייגעלעך האָבן
זיך צונויפֿגענומען... זאָגן שירה, גיבן אָפּ
אַ לויבעניש צו גאָט„, שע, יודישע שר ▯.בער.
„אָפּצוגעבן אים דעם פֿײַנעם יישר־כּוח פֿאַר
דעם נחת־רוח וואָס ער האָט זיי פֿאַרשאַפֿט„,
מ טײַטש, אַרוס דער פֿאַבריק
אָ, ה אַ ר ץ , געפֿיל, ליבשאַפֿט —
אַרויסווײַזן האַרציקייט, וואַרעמקייט, ליבע. „פֿאָרנדיק
אין וועג, איז מען פּטור פֿון אָ, א ביסל האַרץ

ד אַרומיקע מיטפֿאָרנדיקע,,, בּערג, בּאַם
דניִעי
פּער II. ,,אַ בּאַזונדער וואַרעמע ליבשאַפֿט גיט
אָפּ מורנו הבעשט... די לאַ־יודעי־מאַי־
דקאָמריניקעס, ווי דער אַלטער רבּי רופֿט זיי,,, לדבּ,
נ״י תּשי״ז. אָ, וואָס אויפֿן האַרצן
אויס

גיסן דאָס בּיטערע האַרץ, דאָס גאַנצע בּיטערניש
וואָס האָט זיך אָנגעקליבּן פֿאַר אַ צײַט. ,,ער

אָפּ עבּן

טאָר אַפֿילו ניט דערמאָנען פֿון נישט גיין אין
חדר אַרײַן... דער טאַטע זאָל אים ניט אָ, וואָס
אים איז אויפֿן האַרצן״, סמבּ
אָ אַ וו י ז י ט — אומקערן אַ וויזיט. בּאַזוכן
,
פֿון רעספּעקט וועגן. ״קומט ער אין שטעטל,
גיט ער קודם־כּל אָפּ אַ וויזיט דעם אָרטיקן רבֿ״.
,,גיט ער אים [דעם מלכות] אָפּ זײַן וויזיט אַזוי
ווי עס איז ראוי,,, איין וואונדערליכע מעה
פֿון דעם הייליקן בּעל התּוספֿות, לעמבּערג 1890.

אָ, ח ל י צ ה — דורכפֿירן די צערעמאָניע פֿון חליצה. "איז דער חלוץ אַ באַווייַבטער, טאָר די ווייַב מיט אים אַ טאָג ניט לעבן צוזאַמען ביז ער זאָל אָ, ח'", ש בעקערמאַן, דער זשענסקער וואָפּראָט II, אַדעס 1887.

אָ, (אַ) ח ש ב ו ן, (אַ) דין־וחשבון, (אַ) באַריכט, רעכנשאַפֿט — גרינטלעך און קריטיש באַטראַכטן (און דערציילן אין פּרטים) וואָס מע האָט געטאָן, ווי מע האָט געהאַנדלט, זיך אויפֿגעפֿירט. „און פֿון וועגן דעם שׂכל און פֿאַרשטאַנד פֿון דעם מענטשן קומט ער אָפּצוגעבן השבון פֿאַר הש„י", חה2, סז/ב. „צום סוף טוט מען אים אַ רוף דין־וחשבון אָפּצוגעבן", פֿל „קיין איינר זײַן חשבון ניט אָ, תּיכּף נאָך זײַנם חודש — דא איז ער עכ„פּ מחויבֿ זײַן חשבון אויף צו שרײַבן„, תּקק „אַז דער מענטש שטאַרבט אָן זײַן צײַט... מיט אַ מיתה משונה„... קען די נשמה ניט אַרויפֿגיין תּיכּף... חשבון אָפּצוגעבן פֿון אירע מעשׂים", שבט מוסר, סדילקאָוו תקצ„ב. אָפּט מיט ז י ך — אָ, זיך אַ חשבון וואו מע האַלט אין דער וועלט. „אָ, זיך אַ רעכענונג וואָס עס איז שיין, גוט און וואָס ניין", ממוס, ווינטשפּ

אָ, ט ע אַ ט ע ר , קאָנצערט אַע — שפּילן

טעאַטער, אויפֿפֿירן אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע
אאזוו. ״מאָרגן וועט דער חזן וויַטער אָ,

קאָנצערט,,, יודישער פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881 ,,רי
געלעגערס... סקריפּען, קרעכצן, גיבן אָפּ
קאָנצערט, ווי דער שטייגער איז פֿון יידישע
געלעגערס,,, ממוס, ווינטשפ.

אָ, ט ש ע ס ט — באַגריסן אויפֿן מיליטערישן שטייגער. אַרויסוויַזן דרך־ארץ. איַך קרמט ט, אָפּצוגעבן. ,,דער רעוויראָווי פֿלעגט זיך פֿאַר מיר פֿאַרנייגן, אָ, ט'״, באש.

אָ, י אָ ר ן (און יאָרן) פֿאַר אַן אַרבעט, פֿאַר אַ צוועק פֿאַר עמעצן — אַ גרויסן טייל פֿון

לעבן פֿאַרווענדן פֿאַר אַ באַשטימטן ציל. אויך: אָ, די בעסטע יאָרן.

אָ, כּ ב ו ד — אַרויסוויַזן רעספּעקט, דרךארץ, פֿאַרערונג. ,,אין דריַ ערטער גיט מען זיך קיין כּבֿוד ניט אָפּ: אין תּפֿיסה, אין
ביתהכּסא און אין מרחץ״ ,,ווער עס האָט אַליין קיין כּבֿוד ניט קען אַנדערע קיין כּבֿוד ניט אָ',,, שוו. אָ, דעם ל ע צ ט ן כּבֿוד — גיין צו אַ
לוויה. זיך מתעסק זיַן מיט אַ בר־מינן.

אָ, די ל ייִ צ ע ס — זיך אָפּזאָגן פֿון דער

פֿירערשאַפֿט.

אָ, ל ע ק צ י ע ס, שעהן — לערנען פּריוואַט מיט איינעם אָדער עטלעכע תּלמידים.

אָ▯ געבן

אָ, דער מאַמעס מ י ל ך — אויסקרענקען.

שטאַרק, אַ סך בּרעכן, מקיאן.

אָ, מ ז ל - ט ו ב — ווינטשן מזל, בּכלל גראַטולירן, בּאַגריסן. — „מזל־טובֿ! מזל־טובֿ! — מיט מזל זאָלט איר לעבֿן, בּײַ אײַערע קינדער אָפּצוגעבֿן“ [דער ענטפֿער ווען מע ווינטשט מזל־טובֿ בּײַ אַ חתונה, תּנאָים אַע]. „דעם מזלטובֿ האָבֿ איך דיר אָפּגעגעבֿן — און אַ פֿײַער האָט זיך אין מיר צעבֿרענט,„ פֿל. „ערשט נאָך דער חתונה וועלן מיר אים [דעם טאַטן] בּעטן ער זאָל אונדז אָ, דעם מזל־טובֿ“, די אומגעריכטע חתונה, לעמבּערג 1899.

אָ, מ פ ט י ר, שלישי, שישי — מהנה זײַן מיט אַן אָנגעזעענער עליה. איר — אָפּזידלען.

אָ, די נ ש מ ה, אָ, דעם לעצטן אָטעם, אָ, גאָט די נשמה — שטאַרבֿן. „בּיז ער האָט נעבֿעך... אָפּגעגעבֿן די כּשרע נשמה אויף קידוש־השם“, ייִל, דאָס פּוילישע ייִנגעל, אַדעס

.1895

אָ, ס ד ר — קומען אין אַ היים וואו עס איז ניטאָ קיין דערוואַקסענער מאַנצביל אַרן פּראַווען אַ סדר. „זי האָט מיך געפֿרעגט, צי קען איך סדר אָ'", אמד, דער פּאָרטעפּיאַניסט, ווילנע .1878

אָ, ס נ ד ק — באַשטימען עמעצן צו זײַן דער סנדק בײַ אַ ברית. בכלל צוטיילן אַ כּבֿוד. "אַזוי ווי ער איז בעל־הבית, וועט מען אים... אָ, ס'", שע, קליינע מענטשעלעך....

אָ, ע ק ז אַ מ ע ן , פּראָבע — אויסהאַלטן אַ פֿאַרהער. „קיין עקזאַמען אויף רופֿארײַ האָט ער ניט אָפּגעגעבן", ש. בעקערמאַן, טרײַער משרת, וואַרשע תּרמ„ג. די אײַנפֿירונג אַז אַ חזן זאָל דאַרפֿן אָ, פּראָבע אויף...

אָ, צ ײַ ט — געפֿינען צײַט, צונעמען צײַט פֿון אַן אַנדער זאַך — עפּעס צו טאָן, דורכצופֿירן. „קענען זיי אין זינען האָבן אַנדערע... אָ, זיי זייער צײַט?„ ממוס, שלמה.

אָ, ק ע ס ט — געבן קעסט דעם פֿולן טערמין, ווי אָפּגערעדט. „האָבן אָפּגעגעבן זייער משך קעסט... און זײַנען זיך אַוועקגעשטאָרבן„, אמד, עוזר צינקעס און די ציג, ווילנע 1868. „אפֿשר שפּעטער אַז מיר וועלן

חתונה מאַכן אַלע קינדער, אָ, ק,,,, פּרץ.
אָ, דאָס ר י נ ג ל (פֿינגערל) — צערײַסן תּנאָים.
אָ, ר ש ו ת — צוטיילן דאָס רעכט, די מאַכט, די דערלויבעניש. "דער רשות [איז] אָפּגעגעבן געוואָרן צו יעדן מענטשן — אײַנצוהאַלטן זײַן יצר, תּניא, 78.
אָ אַ ש בֿ ו ע ה, אַ גבֿית־עדות — שווערן.

,
זאָגן עדות. אָ, אַ פֿײַערלעכע שבֿועה צו בלײַבן געטרײַ.
אָ, ש ל ו ם , שלום־עליכם — באַגריסן. ,,
צעשטעלט זיך אין רייען אַמאָליקע טעג... איך וועל אײַך אַדורכגיין... און יעדערן שלום אָ'", אר, 'אַמאָליקע טעג..
אָ, די ש ל י ס ל ע ן — זיך אָפּזאָגן פֿון פֿירן די בעלי־בתישקייט.

1 29

אָ, די תּ ו כ ח ה — א) אויפֿרופֿן צו דער תּוכחה (אַן עליה וואָס מע גיט אַן אָרעמאַן).
"דערפֿאַר האָט מען אים אָפּגעגעבן אינגאַנצן די ביידע תּוכחות ווי גרויס זיי זײַנען", ממוס,

שלמה; בּ) שילטן מיט טויטע קללות.

19. קומט אַנשטאָט ג ע בּ ן בּײַם שאַפֿן דעם אַספּעקט פֿון מיטאַמאָליקייט, כּדי אַרויסצוהייבּן די גיכקייט פֿון דער טואונג. אַנשטאָט געבּן אַ דאַוון — אָ, אַ דאַוון.

אָפּגעבּן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס. זײַן שטאַרק פֿאַרנומען מיט עפּעס. אַוועקגעבּן פֿאַר עפּעס צײַט, אינטערעס און ענערגיע. אָ, זיך מיט לײַבּ און לעבּן. אָ, זיך מ י ט דער תּורה. אָ, זיך מיט לערנען. אָ, זיך מיט אַ געשעפֿט, אונטערנעמונג אע. אָ, זיך מיט משׂא־ומתּן. אָ, זיך מיט פֿאָרשונגען. אָ, זיך מיט ספּאָרט. אָ, זיך מיט אַ מענטשן, מיטן קראַנקן. אָ, זיך צום פּרעס, צום פֿלעשל. „כּישוף איז אַן איסור־תּורה... און דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם ווערט מגולגל אין אַ שלאַנג“, איבּז, הנהגות טובֿות, וואַרשע 1897. „און גאָט גיט זיך אָפּ... מיט זײַנע קאַבּצאַנסקער ייִדן„, ממוט, ווינטשפּ. “דער איז אַ גאַרבּער, דער אַ בּעקער, דער גיט זיך אָפּ מיט קליידער נייען„, עט, לידער. „ר, מענדעלע... האָט אויפֿגעהערט לערנען... זיך אָפּגעגעבּן מיט התבודדות„, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער. „... איר זאָלט זיך אָ, מיט אַזאַ קליין מענטשל

ווי איך, מיר שרײַבן בריוולעך גאָר,,, שע ׃
'קטנתי׳.. *אָ, זיך = אָפּגעבן זיך מיט זיך, ד״ה
שטאַרק אויפּפּאַסן אויף זיך, אָפּהיטן זיך. ״ווי
ער גיט זיך עס אַפּ,,.
2. אָפּקערן זיך, אַראָפּגיין פֿון (גלײַכן,
רעכטן) וועג. ״זוא ווערט ער מבֿולבל ווערן
אונ, ווערט זיך פֿון דען רעכטן וועג אבּ
געבּן״, מהמ, אמע)ט 1722.
3. אָפּהילכן. זיך דערהערן ווי אַן עכאָ.
,,... דעם גמרא־ניגון וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן
בײַנאַבט נאָר ווי דאָס וואָיען פֿונעם ווינט אין
קוימען״, ייִל, דאָס פוילישע ייִנגעל, אַדעס
1895. ,,אַז מע גיט אַ קלאָפּ אין איין עק
[וועלט], גיט זיו עס אָפּ באַלד אינעם אַנדערן
עק,,, שע, קליינע מע[טשעלעך...
4. אַרויסגעבן פֿון זיך אַ ריח פֿון עפּעס.
קריגן אַ בײַטעם. עס גיט זיך אָפּ מיט קנאָבל.
,,ווען ווײַן גיט זיו אָפּ מיט וואַסער, נעם
לאָרבער, קאָך עס מיט ווײַן און צעמיש מיט דעם
ווײַן — ווערט ער ווידער גוט,, ׃ רײַב אָן [מיט
קולין] דאָס פֿלייש וואָס מכולה איז געוועזן אוז
אין אַ קליינער צײַט... וועט זיך ניט אָ',,,
איין ביכל וואָס דרינען געפֿינט זיך זאַכן
טשיקאַווי, שקלאָוו תקנ״ה. ,,די מטבעות האָבן זיך

אָפּגעגעבן מיט שווייס, מיט חלבֿ, זש, טמז, 30 2▯19 III.

5. רעפֿל זיך איבערגעבן. זיך אָנגעטרויען. „ווי געשיקט זיך אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך אָ, צו איין מענטשן אין דער האַנט אַרײַן,„ נחב, 'מעשׂה בחכם ותם'. „גיב דיך מיר אָפּ,

אָפּגעבראָכן

מײַן קינד, מיטן גאַנצן האַרצן״, מס, משלי תקע״ד, כג, 26. „די זון שײַנט ▯—. ציט עס... אָפּצוגעבן זיך איר,„ ממוט, שלמה. „,... ניט אָ, זיר לעבעדיק די דײַטשן אין די הענט״, פּמ, מל▯ומה.

6. (ווען אַ פֿרוי) זיך איבערגעבן צו אַ מאַן, לעבן מיט אַ מאַן. „איצט האָט זי זיך שוין אָפּגעגעבן שמואליקן,„ בערג, נאָך אַלעמען. „די פֿרויען... צוגעזאָגט די לײַכטסטע אַרבעט פֿאַרן פּרײַז פֿון אָ, זיך,„ י עמיאָט, פֿאָר, 17▯19 IX.

7. קזוו. „די רונדע, די קאַנטיקע לאַפּעס גיבן זיך שלום אָפּ יעטווידער ווײַל,„ סעג, קאַפּריזן.

—עכ▯ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).

־ערײַ.

אָפּגעבעזעמט — אדי, פּאַר אָפּבעזעמען →.
אַן אָ'ער אויף דער אייבערשטער פּאָלע. אַן
אָפֿגעשמיסענער, אַן אָ'ער. שטיין ווי אַן אָ'ע(ר).
אַרויס אַן אָפּגעזידלטער, אַן אָ'ער ־ערהייט.

.

אָפּגעבעטן — אדי, פּאַר אָפּבעטן (זיך) →.
אַן אָפּגעלייגטע, אַן אָ'ענע געלט־שטראָף. „ער
איז בײַ מיר אַן אויסגעלייזטער פֿון גזלנימס
הענט, אַן אָ'ענער, אַן אָפּגעוויינטער„. [ארז אין
קמ, ייִל אין דאָס פּוילישע ייִנגעל ניצן: „
אָפּגעבעט“, נר] ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעבענטשט — אַדי, פּאַר אָפּבענטשן →.
אָ'ע ליכט. אָ'ע אייניקלעך ערבֿ יום־כּיפּור.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגע'בעריש — אדי. וואָס איז אין דער
טבֿע, לויטן כאַראַקטער פֿון אַן אָפּגעבער. מיט
אַן אָ'ער ברייטקייט ־קייט.

אָפּגעבערשטלט — אדי, פּאַר אָפּבערשטלען
→. אָ'ע האָר. „צום אויבנאָן צוגעשטעלט דעם
שרײַבטיש פֿון קאַנטאָר מיט דעם אָ'ן געוואַנט„,
ליפּמאַן—לעווין, דוירעס דערוואַכטע II, מאָסקווע

.1934

אָפּגעבּראָטן — אדי, פּאָר אָפּבּראָטן ←. אָ, גענדזל. אויפֿשפּרינגען ווי אָ'. *אַרויס אַן אָ'־ענער = פֿאַרלאָרן אַ סך געלט. ,,וואַרט! איר וועט גוט אָ'!,,, א נורהאָם, דער מילכיקער באל, קאַונאס 1932. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעבּראַכט — אדי, פּאַר אָפּבּרענגען ←. ~געבּרענגט. די אָ'ע זאַכן. ,,אָ, טויבּן בּלאָנדזשענדיקע... מיט שרעק אויף מײַלער פֿון ניט־אָ'ע גרוסן“, פּמ, כאַליאַסטרע, פּאַריז 1924, ז, 24. ־ערהייט.

אָפּגעבּראָכן — אדי, פּאַר אָפּבּרעכן (זיך) ←. אָ'ענע שטיינער, ציגל. אָ'ע פֿיגורז. אַ'ענער בּייגל. אָ'ענער אַפֿיקומן. אַ, הענטל. אַ'ענע אונטערהאַנדלונגען. *האָבּן אָ'ענע יאָרן (טעג) = שלעכטע, מיט צרות פֿון אייגענער משפּחה. ,,איר מויארן זײַן אבּ גיבּראָכן, דען דאשׂ איז גאָטשׂ ראַכונג“, שעריר, נ, 15. ,,קען איינר צו אַליר ה[אַ]נט זײַן שׂכל בּרוכן, איז אים ניקשׂ אבּ גיבּראָכן,, [= איז אים קיין

אָפּגעבּרודיקט

זאַך ניט שווער], עיון, כג/ב. “דער לולבֿ מוז

גאַנץ זײַן. ווען דער שפּיץ איז אָ, — איז ער
פּסול גאַנץ סוכּ ת", שלחן ערוך אורח חיים
ווילנע תקע,,א. ,,אַ נאָדל, וואָס דער קאָפּ אָדער
דער שפּיץ איז אָ, טאָר מען ניט מטלטל זײַן
אום שבת,,, שלחן ערוך אורח חיים ויורה דעה
ומנהגים של כל שנה, לעמבערג [אָנהייב 19.
י"ה]. ,,דער כּוס פֿון קידוש... זאָל ניט האָבן
קיין שפּאַלט אָדער אַן אַ'ענע פֿוס", חא, נו/א.
,,די צאַרטע הויט... פֿול מיט מיקראָסקאָפּישע
קליינע, אָ'ענע קנייטשעלעך,,, בערג, באַם
דניעפּער I. ,,איז די לאַנד צוגעשלאָסן, איז
דער שליסל אָ',,, פֿל ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבּרודיקט — אַדי, פּאַר אָפּבּרודיקן (זיך)
←. אָ'ע זאַכן. אָ, פּנימל. ־ערהייט.
אָפּגעבּרוינט — אַדי, פּאַר אָפּבּרוינען (זיך)
←. אַן אָ, פּנים. אָ'ע חלה. ,,אַ שוואַרצער,
אַ גלאַנציק אָ'ער, מיט געלאַסענע...
באַוועגונגען", נס, הויפּטשטעט, כּאַרקאָוו 1934. -
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבּריט — אדי, פּאָר אָפּבּריִען (זיך) ←.
אַן אָ'ע האַנט. אָ'ע מילך. אָ'ע טיי־בּלעטלעך.
,,ער איז אַרויס פֿון אים אַן אָ'ער, דאָס פּנים
האָט געפֿלאַמט, די הענט האָבן געציטערט פֿון
אויפֿרעגונג,,. אונטערשפּרינגען (אויפֿשפּרינגען,

זיך אַ כאַפּ סאָן, זיך אויפֿכאַפּן פֿון אָרט, זיך
אַרויסכאפֿן, אַנטלויפֿן אאַ) ווי אַן אָ'ער.
צעקאָכט (צעיושעט, צעטומלט אאַ) ווי אַן אָ'ער.
,,... אָפּגעכאפּט פֿונעם רבין דעם שלום־עליכם
אין האָב מיך ווי אַן אָ'ער קוים אַרויסגעכאַפּט,,,
ייִל, דאַס פּוילישע ייִנגעל, אַדעס 1895. ,,איך
בלייַב שטיין ווי אָ'. זייער נישט גוט אויפֿן
האַר ן'', ממוס, פֿישקע ,,ווינטער לויפֿט אַן
אָ'ער, אָנגעכאַפּט פֿון אַלע זײַטן,,, פּמ,
וואָכנטעג, ז, 61. ,,אויפֿגעקומען פֿון פֿאַרטראַכטונג
איז דער זייגער מיט אַ ציטער און דערשפּירט
אַן אָ'ער ווי די צײַט איז אײַנגעשלאָפֿן,,, אַלף
כּץ חלום עליכם. אין אַן אָ, אויג דאַרף מען
אַרײַנטריפֿן בוימל,,, ט. אי. מאַסלינקאָווסקי, ווייס
ווי צו געבן ערשטע הילף, מאָסקווע 1941.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעבריסקעט — אַדי, פּאַר אָפּבריסקען
(זיך) ←. אָ, מיט קאַלך־וואַסער. ,,וואָס זשע
זײַנען זיי אַזעלכע וואָכעדיקע? אַלע
באַוואַקסענע, אָ'ע, פֿארברוינטע'', מ אַלבערטאָן, זב
בירעבידזשאַן, מאָסקווע 1936.
אָפּגעברענגט — דזוו אָפּגעבראַכט.
אָפּגעברענט — אדי, פּאָר אָפּברענען (זיך)
←. אַן אָ, שטעטל. אַן אָ, הויז. אַרויס נקי,

אַן אָ'ער. מיט אַ פּנים, אָ, פֿון דער זון. אָ'ע ליכט. *אָ, ביז צום ש פּ ע נ ט (עד לשפּענטע)= אינגאַנצן, ס'איז גאָרניט געבליבן. *אָ'ע ז ו פּ = זופּ פֿון קאַרטאָפֿל מיט צוגעריישטער ציבעלע און צוגעגעבן אַ ביסל אָ, מעל. *בײַ אים ווערט אַן אַרבעט אָ, = זי ברענט אונטער זײַנע הענט, ער מאַכט זי איינס און צוויי. „גוואַלד, גוואַלד, ברעכט די הענט — דאָס אונטערשטיבעלע אָ',„

173()

חדר־לידל [= אָפּגעשמיסן דעם הינטן]. „די שט▯ט האָט זיי געגעבן בכתב אַז זיי זײַנען אָ'ע, מע זאָל זיי העלפֿן“, איבז פֿון לק דיא גלי▯ליכע כלה, וואַרשע 1865. „איך בין אַרײַן פֿאַרקלעמט אין אַן אָ'ן ווענדל„, דא, אָבֿ הר חמים, נ„י 1943. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעברעקלט — אַדי, פֿאַר אָפּברעקלען ←.

אַן אָ, שטיקל טינק. „צוויי ווײַסע אָ'ע שאָטנס“, צײַט, יעקבֿ פֿראַנק ז, 99. „די מענטשן אַלטראַסיק, אָ, פֿון אַן אָפּגעשטאָרבענער ראַסע“, קאָר III. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעגאָלט — אַדי, פֿאַר אָפּגאָלן (זיך) ←.

אַן אָ, פּנים. פֿעלדער, אָ'ע מיט אַ קאָסע. אַן

.

אָ'ער = אַ באַשווינדלטער. „דו טרייפֿניאַק, דו אָ'ע מאָרדע!„ בײַם זידלען אַן אַפּיקורס. „ווען ער זעט אין חלום, זײַן באָרד איז אָ, מיט אַ גאָלמעסער — איז גוט פֿאַר אים„, מגיד עתידות. לבוב ִ יאָר? „מע האָט אים דאָרט גערעווידירט, האָט מען געפֿונען אַז עס איז בײַ אים... אַ האַלבע קאָפּ אָ,... ער איז אַנטלאָפֿן פֿון אָסטראָג“, אמד, יעקעלע גאָלדשלעגער, זשיטאָמיר 1868. „אַ שטיל ווײַבערש פּנימל מיט אַ ווײַס קאַפּקעלע אויף דעם אָ'ן קאָפּ“, ווײַס I, 'פֿון רבינס שטוב'. ־ ערהייט. ־קייט — „עס גלאַנצט די אָ, פֿון קאָפּ„.

אָפּגעגאָלטן — אַדי, פּאָר אָפּגילטן ← אָ'ענע ווענטורע. אָ'ענער מסחר. „ער האָט געקויפֿט אַ סך לאַנד און איז אַן אָ'ענער“.

אָפּגעגאַ'ן — פּאָר פֿון אָפּגיין ←. פֿטמ אין פּר, אין אוקר. ווערט זעלטענער אין 20. י„ה. זן אין ליטרש. אָ, אין בלוט. אָ, מיט בלוט. “גאָרנישט איז מיר אָ, און גאָרנישט האָט מיר געפֿעלט„, נס, 'מוסר'. אָפֿטער — ▯י., געגאַנגען. ~געגאַנענערהייט.

אָפּגעגאַנגען — אדי, פּאָר אָפּגיין ←. אָ'ער

מהלך. אָ'ע באַן. אָ'ער צאָרן. אָ, געשווילעכץ. אַ'ער שוים. אָ'ע עפּאָכע. קוקן דורך די אָ'ע שויבן. אָ'ער פֿראָסט. אָ'ער כּעס. "זי איז געבליבן ליגן אַן אָ'ע אין בלוט". „זיא האָבן קיין תּורה ניט... זיא זײַנן אַז עצים אין אב גיגאַנגין פֿײַאר„, נצ 1, כה/א. „... טויט צו שלאָגן איטלעכן פֿון יהרדים, דען זיי טרעפֿן... אָ, פֿרן זייער קהל„, הודעה על פּי פּקודת קיסר לעדת יהודים דגובערניעס ווילנא והוראָדנא ואָבלאָסט ביאַליסטאָק, ווילנע 1812. „ליגט ער, דער שאָטן, אײַנגעהויקערט, אײַנגעקנוילט ווי אַן אָ'ער באַנדוואָרעם„, פּרץ, ,גוטע פֿרײַנט'. „ווּעמעס אַן איידעם וועט ער ווערן, אָט דער אָ'ער פּראָלעטאַריער יִ", יודל יאָפֿע, דאָם איידעמל, מאָסקווע 1936. "דער בוים... מיט זאַפֿט אַן אָ'ער...„, פּמ, מלחמה II, ז, 575. ־ערהייט ־קייט.

אָפּגעגאָסן — אדי, פּאַר אָפּגיסן (זיך) ←.

אָ'ענער הונט. אָ'ענע נעגל. אַן אָ'ענע מיט שווייס. אָ'ענע סטאַטועטקע. אַ פֿעטער, אַן אָ'ענער מיט שמאַלץ□ אָ'ענע שורה פֿון לינאָטיפּ.

אָפּגעגלעט

אָ, פֿלייש. אַנטלויפֿן (אַוועקגיין, שטיין) ווי אַן אָ'ענער. ס'קלייד ליגט ווי אָ,. אַן אָ'ענער

.

פּיסק = אַ פֿעט פּנים. "די שׂרים... זײַנען
געווען ווי אָ, מיט גאָלד", בּ פֿייגענבּוים, דיא
גאולה נ"י 1893. „בּיימער זײַנען
אַריבּערגעהאַנגען איבּער נידעריקע פּאַרקנס מיט פֿולע
אָ'ענע [= אָנגעגאָסענע] עפּל„, מ זאַניעל,
אָקטיאַבּער־פֿײַערן, קיִעוו 1938 ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעגאַרט — אדי, פּאַר אָפּגאַרן ←. די
אָ'ע אוטאָפּיע. „שוין אָפּגעקילטע זינקען זיי
צוריק און שוימען אָ'ע שטערן", בּראָד,
איבּערגאנג, ז, 34.
אָפּגעגאַרטלט — אדי, פּאָר אָפּגאַרטלען (זיך)
. אָ'ער בּויך. אָ'ע הויזן. „די גאַסן — אָ,
ווי געפֿלאַצטע רייפֿן", פּמ מלחמה II, ז, 106.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעגדרט — אַדי, פּאַר אָפֿגדרן ← „וואָס
איז וועלט־בּאַשאַף דען אַנדערש ווי צוליבּ שפּיל,
אָ'ע מחשבֿה?„, ייִפֿ, נפֿילים, ז, 13.
אָפּגעגט — אדי, פּאָר אָפּגטן ←. ליבּ ווי
אַן אָ'ע פֿרוי ־ערהייט.
.
אָפּגעגילדט — אַדי, פּאַר אָפּגילדן ←. אָ'ע
כּלים. אָ'ער שטעקן. אָ'ער פּאָרטסיגאַר. „אויף
אָ'ע טרעפּ" — נאָמען פֿון אַ ליד, אפֿא...

שקיעה. איַך: ~געגילטן ,,משונהדיקע, געשניצטע, און אָ'ענע פֿיגורן,,, מאיר ווינער, עלע פֿאלקעס אונטערגאַנג, ז, 87. אויך: ~ געגילדעט, נר ,,אײַנגעטעמפּט זײַן בליק אויף די אָ'ע קנעפּ פֿון עזראַס סטודענטישער קורטקע“, פּמ, דאָר אויט —. דאָר איַין, כאַרקאָוו 1929. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעגלאַזו'רט — אדי פּאָר אָפּגלאַזורן ←. אָ'ע ליימענע כלים. ,,די אַנטקעגנדיקע פֿענצטערלעך זײַנען אָ, מיט זילבּער“, ידידיה מארגאָליס, סאָכרים, מאָסקווע 1941. אויך: , געגלאַזירט, ~געגלאַזררירט.

אָפּגעגלאַנצט — אַדי, פּאַר אָפּגלאַנצן ←. אָ'ע שײַן. אָ'ע שטיוול. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעגליט — אַדי, פּאַר אָפּגליִעז ←. אָ'ע קוילן. אָ'ער אויוון. אָ'ע האָפֿענונגען. ,,מישן זיך די דורות אויס, זיי טויכן אויף און שוועבן מיט אָ'ע זומערן“, רובֿ, איק, ר,,ה תשי,,ח.

אָפּגעגלייזט — אַדי, פּאַר אָפּגלייזן ←. אָ'ע טעלער. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגע גלײַכט, ־גליכן — אדי, פּאָר אָפּגלײַכן -- ←. אָ'טער וועג, שאָסיי. אָ'ענע לוינען. אָ'ע קאַלאָשעס פֿון די הויזן. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעגליקט — אדי, פּאָר אַפּגליקן ←. אָ'ע קבּצנים. אָ'ער מסחר. אָ'ע אין דעם נײַעם לאַנד. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעגלעט — אַדי, פּאָר אָפּגלעטן ←. אָ'ע בעקלעך. „ווען מײַן אייבערהעמד איז נאָר אָ',,, ה. קליבּאנאָוו, קול חדש, ווילנע 1908. „אַ

שטיאָפּגעגעבן

לער, אָ'ער, זײַדענער טשאָרטקעווער ניגונדל,,, מענדל זינגער, פֿון מ ͏.ן היימלאַנד, ווין 1919. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעגעבן — אַדי, פּאַר אָפּגעבן ←. אָ'ענער חוב. אָ ͏ ענע הלוואָה. אָ'ענער בּריוו. אָ'ענער עקזאַמען. אָ'ענע וואַרעמקייט. אָ'ענער אין מיליטער. אָ'ענע שבֿועה. *אָ'ענע ז אַ כ ן — ווען מע ווענדט אָן מידה כּנגד מידה, גוטס פֿאַר גוסס, שלעכטס פֿאַר שלעכטס. *אָ, בּ ר ו י ט — געוויינלעך נאָר וועגן אָפּצאָלן גוטס פֿאַר גוטס. זײַן אָ, צו די קינדער (צו קהלשע זאַכן, צום געשעפֿט אא). „צוויי ייִדן, עלטערן פֿון די אָ'ענע קינדער, האָבן געשוואָרן...,,, אמד, דיא איידעלע ראכע, ווילנע 1875. „דאָס דאָזיקע לאַכן מיטן חוזק מאַכן איז אָבער געווען, ווי

מע זאָגט, אָ, בּרויט,,, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע, ז, 36. ־ערהייט. ־קייט — ,,ער איז
אין איר די אָ, געוועז,,, אַל I, 'בּײַ דער פּוסטער
קרעטשמע. ,,אָ, פֿאַר זנות,,, ש שטערן איבּז,
די געטלעכע קאָמעדיע, קאָוונע 1932.

אָפּגעגעסן — אַדי, פּאָר אָפּעסן ←. אָ'ענער
מאָלצײַט. אַ געזרנטער, אַ מוסקלדיקער, אַן
אָ'נער. אָ'ענע קעסט. אָ'ענע פּאַשע. געזונטע,
אָ ענע מאָרדע. אָ'ענע צ ײַ ן — קליינע, אַזוי
ווי אָפּגעריבּענע פֿון עסן מיט זיי. ,,זעצט זיך
צום טיש אַ דאַנק. איך בּין שוין אַן אָ'ענער,,.

“אָפֿגעגעסן — אָפֿגעבּענטשט,,, פֿוול = אַלץ
פֿאַרענדיקט —ערהייט ־קייט.

—
. .

אָפּגעגראָבן — אדי, פּאָר אָפּגראָבן ←.
אָ'ענער בּאַרג. אָ'ענער אוצר. אָ'ענע
פֿאַרשטיינערונג. אַלטע אָ'ענע שול. ־ערהייט.
־קייט.

אָפּגעגרויזעט — אדי, פּאַר אָפּגרויזען ←.
אַ, ווינקעלע אין שפּײַכלער. ,,אין דעם
מענטשלעכן מוח זענען דאָ אָ'ע קעמערלעך... ,
בּאַשטימט אויף אַ בּאַזונדער קענעכץ,,, קמ,
41 1864, No. אויר: ~געגרייזעט —

"[איר] גאָרטן איז שוין אָ, פֿוז אונדזערז מיט
אַ פלויט,,, אי קיפּניס, די צײַט גייט, קיִעוו
.1940
אָפּגעגריזשעט — אַדי, פּאַר אָפּגריזשען ←.
אָ'ער בײן. אָ'ע פֿיטער־פלעצער. ,,אירע אַלע
חשבונות האָט זי געפֿירט מיט דער הילף פֿון
אַן אָ'ן סטאָליערישן בלײַפֿעדער,,, א. קאַציזנע,
שטאַרקע און שוואַכע, ב,,א 1954, ז, 326.
אויך: ...,געגריז(י)עט. ־ערהייט.
־קייט
אָפּגעגרינט — אַדי, פּאַר אָפּגרינען ←. אָ'ע
לאָנקע. אָ'ע יוגנט. ־קייט.
אָפּגעגרענעצט — אַד, פּאַר אָפּגרענעצן
(זיך) ←. אָ'ער שטח. אָ'ע ספֿערע פֿאַר
טעטיקייטן. ,,צי זײַנען ניט דאָס לעבעדיקע און
דאָס טויטע צוויי גאַנץ באַזונדערע, שטאַרק
אָ'ע וועלטן", ח. אײַזענשטאַט און ד. מולער
איבז, ק. נ. בערקאָוו, דאָס לעבן, מינסק 1925.
,,נישטאָ קיין שטריק, קיין אָ'ער פֿלאַך, אַלץ
איז פֿאַרמישט", דא, גל I, נ"י 1952, ז, 35.

־ערהייט. ־קייט — „די פּראָפֿעסיאָנעלע
פֿאַראיינען ווײַזן... אַ צעכישע אָ'“, איבּז, ק.
קאַוטסקי, די קאָנסוס־גענאָססענשאַפֿטען,
לאָנדאָן 1902.
אָסגעדאַוונט — אַדי, פּאָר אָפּדאַוונען ←.
אַן אָ'ער עולם, מנין. „אַז אַ קאָפּ מיט אַן עק
איז אַ גאַנצער הערינג, איז 'מזמור שיר
חנוכּת, מיט 'עלינו, — אָ'“, פֿוול. „אַ ייִד איז
קיינמאָל נישט קייז אָ'ער“, פֿוול. „איך האָכ
בּרוך־השם געדאַוונט, אָבער ניט אָ,“, רייד
(צפֿת, ציט בּײַ יג, טמז, 30 XII 1962). „ער
קומט אַן אָ'ער צוריק„, ממוס, ווינטשפֿ. „לאַנג
שוין אַן אָ'ער, אַן אויסגעטרונקענער און אַן
איבּערגעבּיסענער„, שע, אָרעמע און פֿריילעכע
II. ־ערהייט.
נאָך בּבּ. — ווער עס האָט שוין פֿאַרענדיקט
זײַן אַרבּעט איבּעריקער, שוואַכער, אַלסער;
ווער עס האָט פֿאַרלאָרן כּוח־גבֿרא; בּכלל
אויסגעשפּילטער. „דער מענטש איז אַן אָ'ער, ער
וועט שוין לאַנג ניט ציִען“ „ער איז אַן אָ'ער
אַרן ווייס עס ניט„ „ער איז אַן אָ'ער, ער קען
שוין גיין אַהיים„ „איך בּין שוין אַן אָ'ער,
איך האָבּ שוין דאָס מײַניקע אָפּגעטאָן„ „מע

האָט אים געכאַפּט און ער איז שוין אַן אָ'ער„.
„אַן אָ, פֿערד דריפּעט אויך אויפֿן דראָנזשיק„,
שוו "אַז אָ'ע אַלטגעזעסענע פּאַטריאָטקע אין
שטעטל", ייִל, דאָס משלחת, זשיטאָמיר תּרל"ו.
־ערהייט. קייט.
אָפּגעדאַכט — אַדי, פּאַר אָפּדאַכטן זיך ←.
ניט קיין אמתע, אַן אָ'ע זאַך. „אין דיזן אבֿ
גידאכטן יאָר„ [= שוין דערמאָנטן], ר, זלמן
הענא איכז, צמח דוד, פּפֿדמ תּנ„ח. ־קייט.
אָפּגעדאַנקט — אַדי, פּאַר אָפּדאַנקען ←.
אָ'ער בעל־טובֿה. די אָ'ע עלטערן. אַן
איבעריקער, אַ נוצלאָזער, אַן אָ'ער. „ער איז שוין
אַן אָ'ער, גאָט די נשמה אָפּגעגעבן„. „דער
אַלטער קלויסטער שטייט אַן אָ'ער", פֿישל
כּימקאָ. ־ערהייט.
אָפּגעדאַצט — אדי, פּאַר אָפּדאַצן ←. אַן
אָ, שטיקל אַרבעט. אַן אויסגעשפּילטער, אַן
אָ'ער אין קאָרטן. „אַן אַלטער, אַן אָ'ער, די
הענט ציטערן אים שוין„. —ערהייט.
אָפּגעדאַרט — אַדי, פּאָר אָפּדאַרן ←. אָ'ער
בוים. אָ'ע האַנט. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעדויערן — אוטוו, דריטפּערזאַניק. ־ערט
אָפּ, ~געדויערט. זיך ציִען אין צײַט.
געדויערן לאַנג. „דאָס דאַרף אָ, יאָרן„. „דער

פֿאַרהער האָט אָפּגעדויערט אַ גאַנצע נאַכט,..
אָפּגעדונגען — אַדי, פּאַר אָפּדינגען (זיך) ←.
אָ'ער מקח. אָ'ע סחורה. אָ'ער האָנאָראַר. אָ'ע
דירה. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעדונערט — אַדי, פּאַר אָפּדונערן ←.
אָ'ער הימל. "די אָ'ע און גיהנומדיקע רעשן,,,
פּמ, מלחמה II, נ,,י 1956, ז, 458.
אָפּגעדזשאָבּעט — אַדי, פּאַר אָפּדזשאָבּען ←.
פּפֿ: ,געדזשובּעט, ־דזיובּעט, ־

דזיאָאָפּגעדרייט

בּעט. אָ'ע בּרעקלעך פֿון אַ לאַבּן בּרויט.
אָ'ע פֿאַרבּ פֿון די לאָדנס. ,,אַן אָפּגעבּליאַקעוועטע
פֿאָטאָגראַפֿיע מיט פֿאַרגעלטע ראַנדן און אַן אָ'ן
שפּיץ", בּ. רעסלער, טאָג, 9 1958 I. ־
ערהייט.
אָפּגעדילעט — אַדי, פּאַר. לד ־nu: . .
s1 . אָפּגעריבּן, אויסגעריבּן, אָפּגעניצט. אַן
אָ'ער מוח, זקן.
אָפּגעדינט — אדי, פּאַר אָפּדינען ←. אַן
אָ'ער זעלנער. אָ'ע מאַשין. אָ'ע טובֿה. ,,איך
לעבּ איצט פֿון פּענסיע, אַן אָ'ער,.. ,,פּוילן זאָל

זי אינאײנעם מיט אַלע אַלטע אָ'ע שמאַטעס,,, ממוס, אַ גרויע האָר'. ,,איך בין אַן אָ'ער
קאַ,
וואַלעריסט, אין מלחמה בין איך אויך געווען“, א גאָלדבערג, נאָך דער שחיטה, פשעמישל 1927. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעדיקעט — אַדי, פּאַר. לר (זאַמעט): □ □ □ <
s□kyl(□i. זייער צעלאָזן. אַן אָ'ער ייִנגל.

אָפּגעדעקט — אדי, פֿאַר אָפֿדעקן (זיך) ←.
מיט אַן אָ'ן בוזעם. שלאָפֿן אָ,. שטיין אין דרויסן מיט אַן אָ'ן קאָפּ. לאָזן אַן אשת־איש מיט אַן אָ'ן קאָפּ. ,,דרײַ געטרענק זײַנען אָסור אַז זיי שטייען אָ': וואַסער, ווײַן אַרן מילך“, זרעים, עט/א. ,,צונעמען די כלי און לאָזן אויסרופֿן... אַז ער האָט די כלי געפֿונען ליגן אויבן אויף דער מיסט אָ',,, שהמ, יר/א. ,,אויפֿן קאָפּ האָט זי פֿאַרוואָרפֿן אַ ווײַסע זײַדענע שאַל, ניט צו זיצן בײַ קידוש מיט אָ'ע האָר,,, חג, צמח אַט— לאס I. ,,זען די וועלט אָט ווי זי איז, אָן אָ'ע, הויל“, רוב, 'אויף די חורבות פֿון וואַרשע.
־ערהייט. □קייט.

אָפּגעדראָשן — אדי, פּאַר אָפּדרעשן ←.
אָ'ענע תבֿואה. אָ'ענע פֿראַזע, הנחה. ,,פּלאָדען

אָן ביבלעך מיט אָ'ענע אידייען'', ארז, קמ,
No. 1867, 41 ,,הקדמה — אָנגעשוואָלן, אָ, און
לעכערלעך'', פּרץ, 'ספר הבּרית,. ,,הייליקע —
דאָס איז אַן אָ, וואָרט, אָבער איך קען זיך
גאָרניט העלפן,,, מוק, טעאַטער און אידיש טעאַטער.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעדרוקט — אַדי, פּאַר אָפּדרוקן ←. אָ'ער
פּאַמפלעט. די אָ'ע פּאָעמע. ,,אויף מײַן פּעל
שטייט אָ, מיט אַלערליי צייכנס די גאַנצע
געשיבטע פון אַכזריות, פון ווילדקייט און פון
נאַרישקייט'', ממוס, קליאַטשע. ,,אָט זעט ער
דאָך... די פרישע, נאָר וואָס אָ'ע פּוסטריט
פאַר זײַן טיר'', הר, מײַן ליכטיקע נסיעה.
־ערהייט — ,,צעשיקן אָ, איבּער די אַאולן
און סטאַניצעס'', חיים גילדין, פליגל, קיִעוו
1939. ־קייט.

פּפּ: ~געדריוולט. אָ, געוועב. אָ'ע פּאָלעס
אָפּגעדריבּלט — אדי, פּאַר אָפּדריבּלעז ←.

פון דער קאַפּאָטע. ,,אַן אָ, רעשטל רויך בלײַבּט
שטיין אַ רגע אין דער לופט,,, הר, לייס,
'שאָטנס אויפן ים'. ־ערהייט ־קייט.

.

אָפּגעדרייט — אַדי, פּאַר אָפּדרייען ←. אָע'ר קנויט. אָ'ער קראַן. זיצן מיט אַן אָ'ער פּלייצע

אָפּגעדריסקעט

צו אים. „עס הוידען זיך אויף זיי מיט אָ'ע קעפּ די וואָס האָבן מיט ליבע און מיט מי געפֿלאַנצט [די ביימער]“, פּמ, מלחמה I, ז, 57. ־ערהייט.

אָפּגעדריסקעט — אַדי, פּאַר. לד: ־>

.a](1rsks. אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן.

אָפּגעדריפּעט — אַדי, פּאַר אָפּדריפּען ←.

אָ'ע קאַפּאָטע. “אויף די אָ'ע קורצע הײַזלעך... גאָר פֿײַנע געלע צוויי לאַטעס“, בערג, באַם דניעפּער I, 'עמעס', ז, 166. „די קאַלכונג אויף די ווענט איז געווען אַ,,,, ידידיה מארגאָליס, סאָכריס, מאָסקווע 1941. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעדריקט — אדי, פּאָר אָפּדריקן ←. אָ'ער ־צייכן, סליאד אע. אָ'ע מאַסע. אַ שטעמפּל, אָ, אויף טריוואַקס. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעדרעקסלט — אַדי, פּאָר אָפּדרעקסלען ←. אָ'ע עלפֿנביין־הענטלעך. „זי האָט ליב אַז אַלץ זאָל זײַן אָ', אַלץ מיט טשאַק,

פינקטלעך און געניי". ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעדרשנט — אַדי, פּאַר אָפּדרש(ע)נען ←.
אָ'ע וואַל־רעדעס. „אַן אָ'ער, האָט ער שוין ניט
וואָס צו זאָגן„ ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעהאַוועט — אדי, פּאַר אָפּהאַוועט ←.
אַן אָ'ער, אַן אויסגעמאַטערטער. די אָ'ע יאָרן.
־ערהייט. ־קייט.

אָסגעהאַט — אדי, פּאָר אָפּהאָבּן ←.
צעשענקען די אָ'ע הינטעלעך. אַן אָ'ע — א) וואָס
האָט שוין געהאַט א צאָל קינדער און קען
קומען דאָס האָבּן. אַן אָ'ע, אַן אויסגעמאַטערטע אָ
מער ניט געבּערן ב) וואָס איז שוין

אָפּגעאון צעשטראַלטע. ־ערהייט.

אָפּגעהאַלטן — אדי, פּאַר אָפּהאַלטן ←. די
אָ'ענע פּײַערונג. אָ'ענע אַסיפָה. אָ'ענער שטראָם.
אָ'ענע בּײַ דער גרענעץ. דאָס אָ'ענע
אַוועקפּאָרן. מלל פּאַרטײַטשט 'עצרה לנו, (שמואל א,
כא, 6): „אָפּ גיהאלטין„ [תּי: „איז פּאַרמיטן
פֿון אונדז„]. „זיי [די ליטווישע ייִדן] זײַנען אָ,
פֿון שכּרות און פֿון אויסגעלאַסנהייט„, אמד,
דיא יודען אין ליטא, ווילנע 1871. ־ערהייט. אָ
־קייט.

אָפּגעהאָלפֿן — אַדי, פּאַר אָפּהעלפֿן ←. „די מאַמע איז געקומען און איך בין אַן אָ'ענע„..
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעהאַמערט — אַדי, פּאָר אָפּהאַמערז ←. אָ אָ, אײַזן. אָ'ע לאָזונגען ־ערהייט ־קייט.

.

אָפּגעהאַנגען — אדי, פּאַר 'אָפּהענגען'.
1. בלויז פּאָר, קורצע פֿאָרעם. אָפּהענגיק. "ער [ה. לייוויק] איז מאַטעריעל נאָך אַלץ געווען אָ, פֿון פֿיזישער אַרבעט", שנ, ה. לייוויק, ז, 228.
2. אַדי. וואָס הענגט אַראָפּ. „אויסגעצויגן דער האַלדז, אויסגעשפּיצט די אָ'ע אויערן„, יודל אָפֿע, אין קעסל גרוב, מאָסקווע 1929.

אָפּגעהאַקט — אַדי, פּאַר אָפּהאַקן ←. אָ'ע צווײַגן. אָ'ער קאָפּ. אַן אָ, געשריי. אָ'ע רייד. אָ'ע גאַס — אָן אַ דורכפֿאָר. אָ'ער ק ו ש —

איבערגעריסן אינמיטן. אָ'ע ל אַ צ ן — גאָר אָן לאַצן אָדער קוים־קאָנטיקע. אָ'ע פּ ל יִ צ ע — (שנײַדעריש) וואָס לאָזט זיך גראָדווינקלדיק

אַראָפּ. אָ'ע ק אַ פּ אָ ט ע   אַ צו קורצע. אָ'ע

צ ר ו ת — דזוו געהאַקטע צרות. אָ'ע
פֿאַרהאַנדלונגען=איבערגעריסענע. *האָבן אַן אָ, לעבן=
א) שטאַרכן פֿאַר דער צײַט; כּ) בכלל לעבן
אין צרות. „אָ'ע יאָרן זאָל ער האָבן!“, קללה.
ליגן ווי אַן אָ'ער קלאָץ. האָבן שׂכל ווי אַן אָ'ער
קלאָץ. "אַ ה מיט אַן אָ, פֿיסעלע" — אַ חדרשער
סימן פֿאַרן אות ד. אָ'ער ק אָ נ ו ס. אָ'ער
ק אָ פּ — שפּאַסיק, שלעכט אָפּגעשוירן. אָ'ער
בּוים — וועגן אַ יונגגעשטאָרבּענעם. „מאַנהעטן
מיט די אָ'ע קאַסטענעס“, רייד (נ״י). „דיא [די וואָס
גלייבּן ניט] פֿון דעם גײַשׂטליכן איל בּוים אבּ
גבּראָכן און אבּ גהאַקט זײַן“, קאַל, ל״ בנים
על אבותם, האַלע 1732. „זינט רויזע פֿינקעל
איז אָפּגעפֿאָרן, וואַר דער געשעפֿט עפּעס ווי
אָ'“, אמד, רויזע פֿינקעל, ווילנע 1874. „די אָ'ע
לבֿנה בּאַהאַלט זיך שוין הינטער די הויכע
בּאַשטאַנעס“, יעקבֿ שטיינבּערג, בּאשטאנעס,
בּערלין 1922. „די מלוכה וועלכע האָט געוואַגט
אויפֿצוהייבּן איר האַנט קעגן אונדז... איז
אָנגערופֿן געוואָרן די אָ'ע מלוכה:... מלכותא
קטיעא“, דוד הירשהאָרן, יודישע נאַציאָנאַלע
וועלט־בּאנק אין ווארשא, וואַרשע 1932. „די

אָ'ע קלאַנגען פֿון דער פֿידל,,, סוצ, פּאָעטישע
ווערק I, ז, 326. ־ערהייט — ,,האַלט דעם
קאָפּ אָ, אונטערן אָרעם,,, יא, די גענאַרטע וועלט.
־קייט —. ,,דער ווייטיק פֿון אָ',,, הלל
זײַדמאַן, טמז, 20 □ 1962 II.
פּגעהאַרטעוועט — אַדי, פּאַר
אָפּהאַרטעווען □.. אָ'ער שטאָל. ,,אָ, אין דער מלחמה
מיט אַלערהאַנט אומשטענדן און אַלערליי
אָנשיקענישן“, ממוס, שלמה. ,,אויף איינער און
דער זעלבער שווערער געשעעניש וועלן
פֿאַרשיידן רעאַגירן טעמפּ־אָ'ע אָדער צאַרטע
נאַטורן,,, פֿישל שניאורסאָן, די קאַטאסטראָפֿאַלע
צ□.טן און די וואַקסנדיקע דורות, בערלין.
־ערהייט. ־קייט.
סגעהאָרעוועט — אדי, פּאַר אָפּהאָרעווען
←. אָ'ער בעל־מלאָכה. אָ, פֿערדל. אָ'ע יאָרן.
,,דאָס ווײַב איז אַמאָל שיין געווען, אַ
הויךגעוואַקסענע ייִדענע... נאָר שטאַרק אָ',,, יאַ,
ש טערנטיכל. ־ערהייט. ־קייט.
פּגעהובל□ט — אַדי, פּאָר אָפּהובלעז ←.
אָ'טע ברעטער. אַ גוט־אָ'טער — מיט אַ שיינער
פֿיגור, לײַטיש, גוט אָנגעטאָן. אַן אָ'ער — אַ

סטאַטעטשנער. „אין רעסטאָראַן גייט אַרײַן דער נידעריקער, שלעכט־אָ'טער בחור„, מ. דאַניעל, דערציילונגען און נאָוועלן II, כאַרקאָוו 1935. אויך:

־יעוועט — „ווען מע האָט נישט אַ באַזונדערע כּלי צו זאַלצן, וואָס זי האָט היפּשע לעכלעך, מעג מען זאַלצן אויף אַן אָ, בּרעט און מע זאָל עס לייגן אַ בּיסל משופּע„, הרבֿ מ. טייטלבּויס דק״ק איהעל, ספֿך מעין טהוך, מליחה, סימן יא ־ערהייט. ־קייט.

אָפּ עהיל ו

אָפּגעהויבּן — אַדי, פּאַר אָפּהייכן ←. אַ געגנבֿעטע, אַן אָ'ענע זאַך. אָ'ענע מ י ל ך — שוין אָן שמאַנט, אָן מילך־פֿעטס. „אַ ניט־אָ'ענער מת ליגט נאָך אויפֿן געלעגער וואו ער איז געשטאָרבּן. אַן אָ'ענער ליגט אויפֿן דיל, אונטערגעבּעט מיט שטרוי (מיט אַ פּאָר בּרעטער אָדער קלעצלעך)״. „דער רבּי איז געלעגן אָ, איבּער אַ מעת־לעת״, הערצל אָפּשאַן, בּית ישׂראל, וויזשניצער רבּיס הויף, סיגעט 1939]. „ליגט שוין אויף די העלצער אַן אָ'ענע„, קול

טור און בילדונג, מאָסקווע 6 1918, No. “אָ,
ליגט די באָבע אויף דער קאַלטער דיל, ס'קומט
צרנויף זיך די משפחה, קרובים, קררבות פֿיל„,
אול ־ערהייט.
אָסגעהוילט — אדי, פּאָר אָפּהוילן ←. „אין
גאָלד, מאַראַנץ און קופּער פֿאַלט די זון אין
שטיקער. דורך אָ'ע צווײַגן קוקט דורך
הונדערט בלויזן“, יהואָש, 'תּשרי'. „מיט אָ'ע קעפּ
ווערט אויסגעהערט דער טרויער־מאַרש“, די
גארבער שטימע, מאָסקווע 1924, No l.
אָסגעהולטײַעוועט — אדי, פּאָר
אָפּהולי

טײַעווען .. אָ'ע נאַכט. אָ'ע סטודענטישע
יאָרן.
אָפּגעהיט(ן) — אד, פּאָר אָפּהיטן (זיך) ←.
אַן אָ'ע(נע)ר, רעדט ניט קיין לשון־הרע. אַן
אָ'ע(נע)ר, נעמט ניט אין מויל אַרײַן קיין
איבעריקן ביסן. *אַן אָ'ע(נע)ר ייִ ד (חסיד)—וואָס
היט אָפּ די תּרי„ג מצוות. אַן אָ'ער חפֿץ. אַן
אָ, לשון. אָ, ז ײַ ן אין אַ האַרבער מצווה ווי
אין אַ גרינגער. אָ'ע(גע) גרענעצן. אָ'ע(נע)ר
הויף. אָ, זאָל מען זײַן פֿון אַלדאָס בייז (אַלעם
בייזן). אָ, ווי אַ גוטער־ייִד. אָ, וו ע ר ן פֿון

צרות (פּורעניותן, אָנשיקענישן אע). אָ, ווערן
פֿון אָנקומען צו מענטשן. "דעם אָ'ענעם היט
גאָט,,; ,,אַ לויזע צונג פֿירט אַרײַן אין גרובֿ,
אַן אָ'ע צונג פֿירט אַרויס פֿון גרובֿ,,; ,,אַן
אָ'(ענ)ער ייִד מוז זיצן אין דער היים,,, ש וו
,,בײַנאַכט פֿלעגט זי אַרויפֿגיין אויף אַ בוים
כּדי זי זאָל זײַן אָ, פֿון די חיות,,, נחבֿ, ,מעשׂה
ממלך וקיסר,. אַן אָ, מענטשל = ווער עס היט
שטאַרק זײַן געזונט. ,,ער איז אַ גאַנץ איידל,
אָ, מענטשל און באַדאַרף האָבן צו זײַן
געזונט אַ גערטנדל", ממוס, ווינטשפֿ. ,,זאָל יעדער
ייִד נאָכגיין נאָך ריינעם, אָ'ענעם, כּשרן ווײַן
לכּבֿוד שבּת", ר, שמעון וואָלף מרגליות, לבֿ
שמעון, Bu(]s en mihalyon 1923 ,,
העבֿרעאיש האָט ער געשריבן אָ'ער, פֿײַנער און
פֿרומער ווי ייִדיש,,, שנ, קריטיק און קריטיקער.
־(ענ)ערהייט. ־קייט — ,,איז ער זיך
מחיה מיט זײַן אָ',,, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן.
־נקייט — ,,דורך דער פּינקטלעכסטער אָ, אין
די רעליגיעזע איסורים,,, דר, רפֿאל מאַהלער,
יובֿל I, 1 X־2.
אָפּגעהילט — אַדי, פּאָר אָפּהילן ←. ,,איך
זע פֿונקען־צעצינד אין קאָלירן־געשפּיל פֿון
בראשית־באַגין פֿאַרן אויג אָ,,, ב. לאַפּין, דער

פֿולער קרוג

אָפּגעהילכט

אָפּגעהילכט — אַדי, פּאַר אָפּהילכן ←. אָ'ע
געשרייען. אָ'ע קלאַפּעריַי פֿון וועגענער איבער
אַ שטיינערדיקן וועג. „.... אַן עדות פֿון אַן
אָ'ער שלאַכט“, פּמ, מלחמה I, ז, 18. -
ערהייט. -קייט.

אָפּגעהעבליעוועט — דזוו אָפּגעהובליעוועט.
„אָקערשט אָ, האָלץ“, חנה לעווין, קלייניקייטנ,
באַרדיטשעוו 1933.

אָפּגעוואויגן — אַדי, פּאַר אָפּוועגן ←.
אָ'ענע סחורה. „זײַנע רייד זענען אָ,“, י.
מאָרגענשטערן, מע▯ה מג, אחים, וואַרשע 1870.
„אָ, און אָפּגעמאָסטן אויף די וואָגשאָל פֿון די
תּורה„, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע▯I ות II,
סאַטמאַר תּרל“ב. „יעדער שפּאַן איז
אָפּגעמאָסטן, אָ, יעדער טריט“, י ראָלניק, גש. '
האַפּיז, -ערהייט -קייט — די גרעסטע
. .
מאָס אָ,. „ביאַליק... מיט דער וואונדערלעכער
אָ'... פֿון זײַן וואָרט אין פּאָעטישן זאַץ„,
בעמ ▯ ▯.

אָפּגעוואוינען — טרוו ־וואוין אָפּ, ◻,
גע.
וואוינט. פּפֿ: ~געוויינען. אין ליטרש ס'רובֿ
מיט [די], אין ריידשפּראַך כּמעט אומעטום מיט
[יי]. בּרענגען דערצו מע זאָל אויפֿהערן צו
טאָן עפּעס וואָס מע האָט א לענגערע צײַט
כּסדר געטאָן. מאַכן מע זאָל פֿאַרלירן אַן אופֿן
טאָן עפּעס, אַ שטריך פֿון דעם געוויינטלעכן
אויפֿפֿירן זיך, בּאַנעמען זיך. אָ, עמעצן פֿ ו ן
מיאוסע ניטן. אָ, פֿון טרינקען. אָ, פֿון זאָגן
כּסדר 'האָרכסט?'. אָ, פֿון לייענען בּיז שפּעט
אין דער נאַכט. „כּבֿוד... איז שווערליך אָפּ
צו גוואוינון דער פֿון„, עה, יח/ב. „די
ערציאונג וועט זיי אָ, פֿון די אייגנהייטן...„,
קמ, 43 1865, No. „פּרץ האָט אַ סך מאָל
פּרובּירט אָפּצוגעוואוינען דינעזאָנען פֿון דער
פֿײַערלעכער פּאַפּיראָסן־שטאָפּעריַ„, מוק, פּרץ
און דאָס אידישע טעאַטער. ◻
אָפּגעוואוינט — אָ, וו ע ר ן פֿון עסן צו
דער צײַט, פֿון צולייגן זיך בּײַטאָג אאַזוו. אויך:
זיך אָפּפֿרעמדן. „האָבּן זיך די חבֿרים געשריבּן
אַלע אַכט טאָג בּריוו.... בּיסלעכווײַז זענען
זיי אָ, געוואָרן„, קהל חסידים, לעמבּערג 1875.
„אַן אָ'ער פֿון רייכערן קען ניט פֿאַרטראָגן

ווען אַנדערע רייכערן,,. ־ערהייט. ־קייט.
מיט ז י ך — זיך אָ, פֿון רעדן צו הויך, פֿון איבֿעריקע תּענוגים אאזוו. ,,שווער זיך אָפּצוגעוואוינען, זיך אָפּצורײַסן פֿון דיר,,. ,, געהער איטלעכער גוטער יהודי זיך אָ, פֿון צו טרינקען אַם ערבֿ־פּסח כּדי דאָס ער זאָל חס־ושלום ניט שיכּור זײַן,,, ר, צבֿי הירש קאָידנובֿר, קבֿ הישר, הוראָדנאָ תּקנ,,ה. ,,זאָל ער זען מיט כּל המעגלעכקייט זיך אָפּצוגעוואוינען דערפֿון“, י. ל. יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר (רמבֿ“ם), ווילנע תּרל,,ו. ,,זיך נאָך ניט אָפּגעוואוינט פֿון זײַנע מיאוסע... גענגעלעך,,, דטש, ווילנע.
אָפּגעוואונען — אַדי, פּאַר אָפּגעווינען ←.
דאָס אָ'ע געלט. אָ'ע פֿרײַנדשאַפֿט. ־ערהייט. ־קייט.

1□33

אָפּגעוואָלן — אדי, פּאָר אָפּוועלן ←. פּפֿ:
~געוועלט. אָ'ענע מילך.
אָפּגעוואָנדן — אדי, פּאַר אָפּוועגדן ←. פּפֿ.
,י־,געווענדט. אָ'ענע גזירה. אָ'ענער אורטייל פֿון געריכט. אָ'ענע אין אַ זײַט. ־קייט.

אָסגעוואַקסן — אדי, פּאָר אָפּוואַקסן ←.
אויך: ~געוואָקסן. אָ'ענע האָר. ,,קוים
פֿון דער ערד אָ'ענע הײזלעך,,, מר I □, ז, 190.
,,נאָך פֿון דער ערד ניט אָ,, דאַרף זי שוין
מעשטעלעך מיט ספּראָנזשקעס!,,, ידידיה
מארגאָליס, סאָכריס, מאָסקווע 1941 ־ערהייט.
.
־קייט.
אָפּגעוואַרט — אדי, פּאָר אָפּוואַרטן ←. די
אָ'ע געסט. אין דער אָ'ער מינוט ־ערהייט.
.
־קייט.
אָפּגעוואַרעמט — אַדי, פּאַר אָפּוואַרעמען ←.
אָ'ע שפּײַז. אָ, לײַב. זײַן (ווערן) אָ, צו עמעצן.
־ערהייט. ־קייט.

□

אָפּגעוואָרסן — אדי, פּאָר אָפּוואַרפֿן (זיך) ←.
אָ'ענע גניבה. זיך פֿילן ווי אַ פֿאַרשטויסענער,
אַן אָ'ענער. די ליכטיקייט פֿון די אָ'ענע

שטראַלן. "עשׂ איז איין גרושׂי שאַנד דשׂ איך זאָל אבּ גווארפֿן זײַן פֿון מײַן הערשאַפֿט",
יוסיפֿון, אמשט 1743, קעד/ב. „דאָס האַרץ איז טרוקן און פֿאַרוויאַנעט ווי אַן אָ'ענע צווײַג",
פּרץ, „אַ יונגן שרײַבערס חנוכּה'. ־ערהייט.
־קייט.

אָפּגעוואַשן — אַדי, פּאַר אָפּוואַשן ←. אַן
אָ, פּנימל. אָ'ענע הענט. אַן אָ'ענער ווי נאָך
דער טהרה. אָ, פֿון זינד. אָ'ענער בּרעג. *אַרויס
אַן אָ'ענער=פֿאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט אין
אַן אונטערנעמונג. אַן אָ, (זייגערל)=אַ
געגנבֿעט.... „אַ דור וואָס... איז אַפֿילו פֿון
זײַן פלוהאַווצטווע נישט אָ'", מס, משלי תּקע„ד,
ל, 13. „זי איז געוועזן אָ', אויסגעצוואָגן און
אָנגעטאָן„, ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע,
ז, 136. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעווייט — אַדי, פּאָר אָפּווייען ←. „פֿון
די אָ'ע זעמדעלעך, ווערט אַ דיונע, אַ
זאַמדבערגל". פּד: ׳י. „געווייעט — „מיט
ווינטלדיק אָ'ע האָר", ווײַם I, 'אַ פּאָמניק'.

אָפּגעווייטערט — אדי, פּאָר אָפּווײַטערן (זיך)
-
←. אַן אָ'ער קרובֿ. זיך האַלטן אָ, פֿון
דער משפּחה. „דורך אָ'ע וועגן פֿון שטאָט

געקומען צו קריכן“, שפּערלינג איבז, דיא קאראימער מיידכען..., וואַרשע 1899. „דער אָ'סטער ווינקל פֿון ליטע איז עזשערע'ן„, ליטע I, נ"י 1951, ז, 1602. ־ערהייט. ־קייט.

אָסגעווייכט — אדי, פּאָר אָפּווייכן ←. אָ'ער שטאָל. אָ'ער מעטאַל. „דער זקן קען עסן נאָר אָ, ברויט“ ־ערהייט.

.

אָסגעווייכט — אַדי, פּאָר אָפּווײַכן ←. פּפֿ:

־

~געוויכן. אַז אָ'ער פֿון גלײַכן וועג. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעווינטיקט

אָפּגעווייינען — טרוו ־וויין אָפּ, ~געווײנט.

.

 אָפּגעוואוינען. אָ, עמעצן פֿ ו ן עפּעס. אָ, פֿון דער ברוסט=אַנטווייינען. „שווער זיי פֿון דעם מנהג אָפּצוגעווייינען“, יפּ, ז, 196. „נאָך די קרעפֿטן און געוואוקס פֿון קינד אים געווייינען צום קילערן לופֿט, דען מיטאַמאָל אָפּצוגעווייינען איז זייער ניט געזונט„, מלכה

בערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836.
"איטלעכער פֿאָטער און מוטער זענען מחויבֿ
זייערע קינדער אָ, פֿון בייזע מעשׂים און רייד„,
לט□, פּג/א. „האָט [ער] שוין ניט מער קיין
רייד, מיט וואָס ער זאָל קענען אָ, זײַן
בןיחיד פֿון דער קויטיקער אונטערגעסל„, ברוך
זילבערמאן, אה□ת דוד ויהונחן, קעשענעוו
.1885

אָפּגעוויינט — "הב איך מיך דען ניט
גיגליכן צו איין אב גיוינט קינד בײַא זײַן
מוטר„, חה, אמשט 1716, קלד/א. „צו אַן
אָ'ער איז מײַן זײַל גלײַך בײַ מיר„, חה, ב,
זשיטאָמיר 1848, ז, 218. „אָ, שוין לאַנג פֿון
שפּילן איז מײַן שוואַכע, קראַנקע האַנט„,
פֿרוג III, ז, 94. ־ערהייט. ־קייט.

מיט ז י ך — „אונ, זאָל□ט דיך אב גיווינן
פֿון פֿרעשׂין אונ, זויפֿן„, קה, פֿיורדאַ 1743,
י/ג. „ער זאָל זיך אָ... פֿון זעלכע זאַכן
וואָס דער יצר־הרע רעדט אים אָן", ספֿר
חסידיט, ווילנע תקע„ט. „מיט דעם דרך וועט ער
זיך ביסלעכווײַז אָ, פֿון דעם שלעכטן רגילות",
שבֿט מוסר, סדילקאָוו תקצ"ג. „דער טאַבאַק
רייכערן האָט שוין פֿיל מענטשן געהרגעט...

זיי קענען זיך ביסלעכווייז אָ, דערפֿון", אַל,,ק [קאַרטוזשינסקי], איבֿז, דער דאָקטער בוך, וואַרשע 1882, ז, 7.

אָפּגעווייסט — אדי, פּאָר אָפּווײַסן ←. ,,די
-

וועגט זײַנען פֿון דרויסן אָ,,,, נעתק על־ידי רי"א מ"ס, יוסף דער יתום, ווילנע 1865. ,,אַ גאַנצע שורה נײַע דירות... מיט קאַלך אָ,,,, יהודה לייב בינשטאַק, בײַא ר, שלמה בערלינער, לבֿוב 1896. ,,דער פֿריש־אָ'ער, ברייטכּײַכיקער, הייסער באַקאויוון,,, ממוס, ,שבת,. - ערהייט. ־קייט.

אָסגעווייקט — אדי, פּאָר אָפּווייקן ←. אָ, פֿלייש. אָ'ער הערינג. אָ'ער הינעראויג. אָ, אין זוהר. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעויכן — דזוו אָפּגעווײַכט ←. ארכ. אָ, פֿון רעכטן וועג. ,,אויף יענום עולם זײַנן די עשירים גגליכן אַליז וויא איין נאַר, דער פֿון דער יבשה איזט אויף דען ים אונ, שפּײַז אב גוויבן", ר, אַריה ליב בר, יהודא זעליגמן..., תּיקוני מועדים, פֿיורדא תּפ,,ט, קיא.

אָפּגעווין — דער, ־ען. נעאָל. דאָס וואָס מע געווינט אָפּ. דער אָ, איז געווען גרעסער ווי דער אָנווער. אויך: אָ'ס — דאָס, ־ן.

אָפּגעווינטיקט — אדי, פּאָר אָפּווינטיקן ←.
אַן אָ, פּנים. אַן אָ'ער בּוים, כּמעט אָן בּלעטער.
„... דעם מעש פֿון אָ'ע ראקיטעס קלײַבּט“,
עק, 1946. „... בּאַגלײַך מיט דעם אומצאָליקן

אָפּגעווינען

צעזיי פֿון די חיילות, אָ, און פֿאַרבּראָנדזט„,
פּמ, מלחמה II, ז, 4־4.

אָפּגעווינען — טרוו ־ווין אָפּ, ־ „...געוואונען.
1. געווינען אַלץ, אינגאַנצן. אָ, דאָס גאַנצע געלט פֿון אַלע מיטשפּילערס. „מיטגעבּראַכט אַ קעשענע פֿול מיט ניס און האָט געהאָפֿט אַז ער וועט בּײַ אַלעמען אָ'„ בּ גאָרין, פּסח..., ג„י 1899, ז, 5. „עס איז שוין חנוכּה. דאָס קינד געוויינט זיך אין קאָרטן, דער רבּי געווינט אָפּ“, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844.
2. געווינען צוריק וואָס מע האָט פֿאַרשפּילט. „דאָס ערשטע מאָל שפּילט מען אויף פֿערדלעך כּדי צו געווינען, אַזוי אויך דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל — כּדי אָפּצוגעווינען„. „דער טאַטע האָט געשלאָגן ניט פֿאַר ווען געווינען, נאָר פֿאַרן ווען אָ'“.
3. בּכלל קריגן צוריק וואָס מע האָט

פֿאַרלאָרן. אָ, די פֿאַרלאָרענע טעריטאָריע, מאַכט אע אָ, די דעה אין פֿאַראיין, קהל אע אָ, דעם מײַסטער־טיטל. „די מעגלעכקייט אַז פּוילן זאָל אָ, די זעלבסטשטענדיקייט אַלס אַ מלוכה“, מ מיכלזאָהן [מ. רובינשטיין], טאדעאוש קאָשציושקאָ, לאָנדאָן 1904. „זען אָפּצוגעווינען צוריק וויפֿל עס לאָזט זיך„, מוו [סטוטש, אוצר].

4. אַרײַנקריגן עפּעס וואָס געהערט צו אַן אַנדערן. אַרויסשטויסן דעם נגידס שותּף און אָ, די שותּפֿות. „... מאג ער זיך וואָל דר ווערן, דשׂ אים קיין פֿײַנד אין זײַנם לאַנד ניקשׂ אבֿ גיווינן מאג“, יוסיפֿון, אמשט 1661, קל.

5. אַוועקנעמען. „כּל־זמן דער טויט האָט נאָך דאָס לעבן ניט אָפּגעוואונען...“, אד״ס, דער שפּיעגעל פֿיר אַללע, וואַרשע 1893.

6. אַרײַנקריגן דורך אַ געריכט. אָ, עפּעס אין אַ פּראָצעס. „ווען מן איינם בײַא דען בית דין זײַן מאַנטל אבֿ גווינט, זאָל ער גין אונ, זאָל זינגן, ער דיא גזילה נימר אין זײַני הענד האָט„, עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ, תּמ״ה □

אָפּגעוויקלט — אַדי, פּאַר אָפּוויקלען ←.
אָ'ע ווינדעלעך. אָ'ע מגילה. אָ'ער באַל סחורה.

"גראָווע קנוילן אָ'ן שפּאַגאַט", פּמ, וואָלין,
ז, 28. ־ערהייט. ־קייט.
אָסגעווירעט — אַדי, פּאָר אָפּווירען ←. אָ,
פּאַפּיר. אַ געגנט אָ, פֿון גלײַכע גאַסן. "שײַערן,
אָ, דורך דער שטורמיקער... קובֿרע,,, י.
קיפּניס איבֿז, ל. גאָרבֿונאָוו, דאָס אײַז גייט, קיִעוו
1930. ־ערהייט.
אָפּגעווישט — אדי, פּאָר אָפּווישן ←. אָ'ער
סיש. אָ'ער גוף. אַן אָ'ער חובֿ, וואָס מע
מאָנט אים ניט מער. אַן אָ'ער,
אויסגערייניקטער פֿלעק. אָ, וו ע ר ן — ווערן
אויסגעראָט,
פֿאַרטיליקט. ,,דאָס שטעטל איז אָ, געוואָרן פֿון
דער ערד". *אַן אָ'ער = אַ פֿאַרגעסן
געוואָרענער. קללה ,,אָ, זאָלן זיי ווערן, קיין זכר זאָל
פֿון זיי ניט בלײַבֿן!". ,,דאָס וואָס איז
אײַנגעזויגן מיט דער מוטערס מילך קאָן ניט אָ,

ווערן", שע, פֿון צוויי וועלטן ,,מאָרד איז אָ,
ווי טוי אויף גראָז און בלאַט,,, סעג, איצטער.
־ערהייט — ,,ער האָט אים [דעם שווערט]
אַרײַנגעשטעקט ניט־אָ,,,, אמד, דיא נאַכט פֿון

ט״ ו כסלו, ווילנע 1867. ־קייט.
אָפּגעוועבט — אדי, פּאָר אָפּוועבן ←. אָ'ע
שטאָפֿן. היימיש אָ, געוואַנט ־ערהייט.
.
—קייט.
אָפּגעוועגט — דזוו אָפּגעוואויגן. נר ,,מיט
זײַן אָ'ן, דורכגעטראַכטן, געלאַסענעם וואָרט.. ,,,
א ווײַנשטיין, רויטע בלעטער I, מינסק 1929.
אָפּגעוועזן — אדי, פּאָר אָפּזײַן ←. פּפֿ צו
~געוועזן, וואָס מע קען נ י ט ניצן אַדיעקטיוויש.
די אָ'ענע חדשים אין שטעטל. ער איז שוין
לאַנג אַ געוועזענער, אַן אָ'ענער.
אָפּגעוועלט — ← אָפּגעוואָלן.
אָפּגעו□ועלטיקט — אַדי, פּאָר אָפּוועלטיקן'.
,
״אַלע זונען, ביז אים אָ'ע, זיי פֿלייצן״, סוצ,
אין פֿײַער—וואָגן.
אָפּגעוועלקט — אַדי, פּאָר אָפּוועלקן ←.
אָ'ע בלום. אַ פֿריצײַטיק אָ'ער. ,,צער פֿון אָ'ע
יאָרן,,, י ה ראַדאָשיצקי, ליד אין אומרו. ,,אַ
גרויסע סטאַדע בהמות גייען אַרום, שמעקן
די האַרבסטיקע אָ'ע גראָזן״, שטערן, מינסק
1 1930, No. ,,מיט געוואַלד אָפּצופֿרישן די אָ'ע
באַקן״, חנה לעווין, קלייניקייטן, באַרדיטשעוו

1933. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעוועז — פּאָר אָפּזײַן ←. "איז אָ, דאָרט
היפּשע עטלעכע יאָר", שע, 'בערל־אײַזיק'.
פֿרגל. אָפּגעוועזן.
אָפּגעווענדט — ← אָפּגעוואָנדן. [אָ, —
נײַערע פֿאָרעם, אַנשטאָט דטשמ 'אָפּגעווענדעט']
אָ'ע גזירה. אָ'ער אורטייל. צעשטערונג־
אינסטינקט, אָ, אין אַ זײַט. אָ'ער דיסאָנאַנס. "אַלע
לעבעדיקע און ניט־לעבעדיקע זאַכן וואָס ליגן
ווײַט פֿון מיר און אָ',,, מל, ,קום, פּשטות....,
־ערהייט. ־קייט.
אָסגעוועפּט — אדי, פּאַר אָפּוועפּן ←. דזוו
אויסגעוועפּט . 177). אָ'(ער) ביר, מעד אע.
אַן אָ, לשון, אָן פֿאָלקסווערטלעך, אָן אידיאָמען.
"אָפּצאַפּן פֿון מדרש אַן אָ, געטראַנק פֿאַרן
פּראָסטן המון", בעם I ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעווע עוועקסלט. אָ'ע דילן. "גלאַטע,
סט — אַדי, פּאָר אָפּוועקסן ←.
אויך: .־,
ציכטיקע, אָ'ע שטיינערנע פּאָדלאָגע,,, ממוס,
אין א שטורס־צײַט, ז, 18.
אָפּגעווערקט — אדי, פּאָר אָפּווערקן'. ארכ

,

וואַס האָט שוין געאַרבעט און געוואָרן פֿאַרמאַטערט. „מיר... זײַנען ערשט אַהער גקומען אדג, זײַנען נאָך ניט אַבֿ גוועריקט אונ, מיד„„ יוסיפֿון II, פֿיורדא 1764, קלח/ב.

אָסגעזאָגט — אַדי, פּאָר אָפּזאָגן →. אָ'ע כקשה. אָ'ער חתן. אָ'ער באַאַמטער. אָ'ער אַלמער (אָ'ע שאַפֿע) — וואָס דינט שוין ניט מער ווי אַן

אָפּגעזונגען

אַלמער (ווי אַ שאַפֿע אע). „אין זוהר האָבן זיי אַרײַנגעקוקט וו אַ האָן אין בני־אָדם נאָר צוי

ליבֿ דעם ס'זאָל פֿאַררעכנט ווערן די אָ'ע בלעטלעך“, ממוס, 'צוריק אַהיים'. „מתנגדישע ייִנגלעך, סטאַטיקלעך מיט די אָ'ע מחזורימלעך אונטער די פּאַכוועס“, זש, שקלאָוועו קינדער, ז, 22. „אַן אויסגעשלאָפֿענער, פּרק־אָ'ער... און אויפּס־אָפֿגעגעסענער ייִד„„ יואל מאַסטבוים, 'פּאַניטשעק, —ערהייט ־קייט.

. .

אָסגע זאָדן, ־זאָטן — אדי, פּאָר אָפּזידן →. אָ'ענע באָבֿ(עס). אַן אָ, שטיקל פֿלייש. אַן

אויסגעזידלטער, אַן אָ'ענער. ־ערהייט. —קייט.
״צו קאָכן דעם וואָרצל... אַ דריט חלק
אָפּגעזאָטן... מיט צוקער טרינקען,,, תּעלה
אַרוכה, לבֿוב תר,,י [ז, 20].
אָפּגעזאַלצן — אַדי, פּאַר אָפּזאַלצן ←. פּפֿ:
□,געזאַלצט. אָ, פֿלייש. אָ'(ען)ע פֿעלן. *אָ, =
דורכגעפֿאַלן. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזאַנט ער — דער, אָ'ע — מצ. ארכ
שליח, אַמבאַסאַדאָר. ,,אַלי אבֿ גיזאַנטי פֿון אַלי
די מלכים פֿון גוים האָבן אַלי מוזין...
וואַרטין,,, ר, זלמן הענא איבֿז, צמח דוד, פּפֿדמ
תּנ,,ח. ,,די מאַגיסטרעס און אָ'ן צו שרייַבן...
אַלי וואָך נײַע צײַטונג און גרויסע וואונדער
פֿון דען משיח,,, מע□)ה נורא פֿון שבֿתי צבֿי
ימ,,ש, אָרט? אָנהייב 19. י,,ה? אַדי.
געשיקט. ״איזט דער אָפּ גיזאַנט לעמלי בלילה
אצלינו גיבליבן,,, גה, 299.
אָסגעזאָרגט — אדי, פּאַר אָפּזאָרגן (זיך) ←.
שוין אַן אָ'ער, אַ פֿאַרזיכערטער. ,,הינטער
וועגט, נאָר אַ טאָג אַן אָ'ן, מידן,,, רובֿ, איק,
פּסח תּשט״ז. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזויגן — אדי, פּאָר אָפּזויגן ←. פּפֿ
~□־עזייגט ← אָפּזייגן. אָ'ענע מילר. אָ'ע

▯

זאַפּטן ־ערהייט ־קייט.

▯
.

אָפּגעזוימט — אדי, פּאָר אָפּזוימען ←. אָ'ע
לײַלעכער. אָ, קליידל. ,,קוטאַסלעך, אָ, זייער
שיין,,, אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1894. ,,
האַרמאָניע פֿון דעם גרינעם טאָל־שפּיגל וואָס גיסט
זיך אריס ווי א פֿאַרגליווערטער טײַך אַרן ווערט
נאָר צוריקגעהאַלטן דורך די גרויסע אָ'ע
וועלדער", אַש, תּהילים־ייִד. ־ערהייט. —קייט.
אָפּגעזוכט — אַדי, פּאָר אָפּזרכן ←. אָ'ע

▯

אַבֿידה. דאָס אָ'ע קינד. ,,גינציק ווי צו אַן אָ'ן
ייִנגערן בּרודער,,, חג, צמח אטלאס I. ־
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזומערט — אַדי, פּאַר אָפּזומערן ←.
אַן אויסגערוטער, אַן אָ'ער אין דאָרף. ,,אויף
וועגן לאַנג שרין אָ'ע,,, הל ,,דער דרויסן —
אַן אָ'ער", ח פּעט, איק, פּסח תּשי,,ז.
אָפּגעזונגען — אַד▯, פּאַר אָפּזינגען ←. אָ,

ליד. שוין אַן אָ'ער, אַ הייזעריקער חזן. "
ראָמאַנטיזם... האָט שוין געהאַלטן אַזוי גוט
ווי אַ,", בעל־דמיון, הומאַניזם אין דער
עלטערער ייִד, ליטעראַטור, בערלין 1922, ז, 26.
אַ = געשטאָרבן. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעזונדערט

אָפּגעזונדערט ־—. אדי' פּאַר אָפּזונדערן (זיך)
←. אָ'ער פּרוש (נזיר, מקובל, מתמיד אא).
אָ, פֿון דער משפּחה, פֿון אייגענעם קרײַז אע
האַלטן זיך אָ'. אַן אָ'ע גרופּע. דאָס אָ'ע שטעטל.
אָ'ע טעריטאָריע. אָ'ער יחיד. אַ ראָמאַן פֿון
אָ'ע עפּיזאָדן. אָפּגעסאָרטירטע, אָ'ע עפּל. „אַ
פֿרוי וואָס האָט בײַם לעבן געהאַט צוויי מאַנען,
איז מען מקבר לעבן דעם מאַן פֿון וועמען זי
האָט געהאַט קינדער; אויב זי האָט געהאַט
קינדער פֿון ביידע, איז מען זי מקבר אָ,,,, אַ רהם
רעכטמאַן, ייִבל XI II. "ווי בוימל מישט זיך
ניט אויס מיט קיין שום משקה, אַזוי ביסטו
געווען אָ, פֿון אַנדערע פֿעלקער,,, ש. ג. הרכבי,
די געליהענע האַק, באָסטאָן 1911, ז, 47.
„אײַנגעקריפּלט, אָ', פֿון יאָרהונדערט צו

יאָרהונדערט, טראָגט דעם גורל ער דעם האַרטן, לערנענדיק געדולדיק וואַרטן“, יהואָש, 'דעם פֿאָלקס גײַסט'. „ייִדן מיט שוואַרצע אויגן, עפּעס גאָר באַזונדערע, אָ'ע אויגן„, סעג, מײַנע זיבן יאָר אין תּל אָביב. „קאָן ניט פֿאַרשטיין ... דײַן וועג פֿון דער וועלט אָ'ן“, דא, אָבֿ הרחמים, ז, 57. ־ערהייט — “זאָל איך וויינען... אָ'„, תּי, זכריה, ז, 3. ־קייט.

אָפּגעזונ(יק)ט — אַדי, פּאָר אָפּזונ(יק)ן ←. אָ, פּנים. „ערגעץ ווײַט פֿאַרגייט דער טאָג אויף גאָלדענע שיפֿעלעך פֿון אָ'יקטע כמאַרעלעך„, פּמ, דאָר אויס — דאָר אײַן, כאַרקאָוו 1929.

אָפּגעזופּט — אַדי, פּאָר אָפּזופּן ←. אָ'ער ווײַן. אָ'ער פּזמרן. אָ'ע, אין אײַלעניש אָפּגעזאָגטע תּפֿילה. „נאָכן אָ'ן וואַרמעס בלײַבט ער זיצן אויפֿן נידעריקן בענקל בײַם ליידיקן טיש„, מ מייעראָוויטש, ראכמיעל דער נאַכט־שוימער, כאַרקאָוו 1925 ־ערהייט.

.

אָפּגעזידלט — אדי, פּאָר אָפּזידלען ←. אַן אָ'ער פֿאַר גאָרנישט. איבערבעטן דעם אָ'ן. —ערהייט.

אָפּגעזייט — אַדי, פּאָר אָפּזייען ←. אָ, פֿעלד. אָ'ע בייטן. סהמ פֿאַרטײַטשט 'אור זרוע

לצדיק, (תּהליס, צז, 11): „איין ליכט אבֿ גיזיט צום צדיק“ [תּי. „אַ ליכט איז פֿאַרזייט פֿאַרן צדיק„]. „גאָט... גיבּט צו די צדיקים אַן אָפּגעזייעטע ליכט אויף עולם־הבֿא“, טבֿע זכירות, לעמבּערג 1818.

אָפּגעזייט — אַדי, פּאָר אָפּזײַען ←. אָ'ע

-

קאַרטאָפֿל, לאָקשן אאַזוו „אומנוציקע אָדער גאָר שעדלעכע זאַכן, וואָס אין דאָס בּלוט געפֿינט זיך, פֿילטרירט ריין אָ, אין די נירן“, בּלעטער, No 37. “קונסט איז די אָ'ע שיינקייט פֿון אמת“, בּ דיווקין, גרונטטענדענצן.

־ערהייט.

אָפּגעזייטיקט — אדי, פּאָר אָפּזײַטיקן (זיך)

--

. אַ דערווײַטערטער, אַן אָ'ער. „... אים געוואוינט געוועָן צו זען — אַ פֿאַרדמיונטן און אַן אָ'ן“, נס, קאָרכּאָנעס, מאָסקווע 1943.

אָפּגעזייסט — אַדי, פּאָר אָפּזייפֿן ←. אָ'ע

קעפּלעד. אָ'ע לײַלעכער. *אָ'ער =
אויסגעזידלטער, אָנגעשלאָגענער. ״אַנטלויף געשווינד
בּיסט

1 35

... ווי אַן אָ'ער הונט״, א. בּ רוף, דער
שיכּור. , וואַרשע 1871. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזילבּערט — אדי, פּאָר אָפּזילבּערן ←.
אָ'ע לײַכטערס. געטראָגן אַ שטעקעלע מיט
אַן אָ, הענטל,,, ירחמיאל גרין, בּארג ייִדן,
וואַרשע 1938. ,,די אָ'ע פֿאַרפֿראָרענע טאָפּאָליעס,,,
פּמ, טראָט פֿון דוירעס, מאָסקווע 1966. ־
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזיסט — אדי, פּאָר אָפּזיסן ←.   קאַווע,
אָ, מיט סאַכאַרין. אָ'ע רייד. ,,פֿאַר אַ טרונק
איז זייער גוט צו געבּן אויפֿגעבּריטע שלאַז,
פֿ אַלקעס... אַלעס אָ, מיט האָניק און ניט מיט
י
צוקער,,, איבּז, דער אוצר פֿון געזונד און
לעבּן, וואַרשע 1908. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזיפּט — אדי, פּאָר אָפּזיפּן ←.   אָ'ע

מעל, גרויפּן אאָזוו „מע פּאַרפּאַרעט מעקענע...
און מע באַשיט עס מיט אָ'ן אָפּפּאַל פּון
קאָרענע מעל“, כ דונעץ איבּז, דער סאָלאָוויי,
מינסק 1929. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעזעגט — אדי, פּאָר אָפּזעגן ←. אָ'ע
ביימער, צווײַגן אאַזוו. זיך צוזעצן אויף אַן אָ'ן
שטאַם פּון אַ בוים. אָ'ע יונגע לעבּנס ־
ער.
הייט.

אָפּגעזעג ענען זיך — אוטרו ־גן זיך אָפּ,
זיך ~געזעגנט. 1. זיך פּאָרמעל צעשיידן
מיט עמעצן וואָס פּאָרט (גייט) אַוועק. מע
געזעגנט זיך געוויינלעך אָפּ מיט ווינטשעוואַניעס,
ברבות. זיך אָ, מיט זידלערײַען. זיך
אַרומנעמען און זיך אָ,. זיך אָ, ווי בײַם פּאָרן קיין
אַמעריקע. „זיך אָ, מיט קושן און מיט טרערן
און דערנאָך קיין ויאָרט ניט צו הערן“, שוו
“דער שיפּסקאַפּיטאַן האָט דאָרטן גענומען
לאָדונג און ער האָט זיך מיט דעם בן־פּדק
אָפּגעזעגנט“, אמד, בן פּדק, ווילנע 1865. „איז
דער בחור געקומען צום רבי, ער זאָל זיך אָ,
און קריגן אַ ברכה]„, ספּר דובר שלוס,
פּשעמישל, יאָר י, נ/ב. „ער האָט זיך

אָפּגעזעגנט מיט זײַנע הויזלייט, מיט זײַנע אַלע
גוטע פֿרײַנד", א ב , דער מבשר ישועה,
וואַרשע 1900. „דאָס אָפֿיציעלע אָ, זיך פֿון
אַבראַמאָוויטשן מיט מענדעלען...", ב ריווקין,
אונדזערע פּראָזאאי ער
2. זיך צעשיידן מיט עפּעס. זיך אָ, מיט
אַ לאַנד (שטאָט, געגנט אע). זיך אָ, מיט אַ
זאַר — זי פֿאַרקויפֿן, שענקען אע אָ, זיך מיט
אַ טײַער בילד. אָ, זיך מיטן לעבן, מיט דער

(ווײַסער) וו ע ל ט — נפֿטר ווערן. „געזעגן זיך
אָפּ מיט דײַנע יונגע יאָרן, דו ביסט געבונדן„,
ממוס, ווינטשפ „מיט אַלע ווײַטן כ'האָב זיך
אָפֿגעזעגנט, ווײַל איין איינציק לעבן איז מיר
נאָר געגעבן„, האל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966,
ז, 61. ־ענונג — אַ האַרציקע אָ'ענונג.
־עניש.
אָפּגעזעגענען — טרוו זן
ארויסבאַגלייטן אַרן צפּווינטשעווען געסט וואָס פֿאָרן
אַוועק. "... האָט שוין אָפּגעזעגנט זײַנע געסט,

אָפּגעזעצט

די מלכים און פּרעזידענטן", דוד פֿלינקער,

טמ, 24 4)19 I.

אָפּגעזעגנט — א רי, פּאָר אַוועק ניט קיין אָ'ער. „זיך גלײַך אָפּגעטראָגן אַ געפּלעפּטע, אַן אָ'ע, אַ דערנידערטע„, בּ דעמבּלין, צוויי און א דריטער, נ״י 1943. „מיר אָ'ע אַצינד מיט פֿרייד„, סעג, איצטער ־ערהייט ־קייט —

I

.

אַן אָפּגעפֿרעמדטקייט, אַן אָ'.

אָפּגעזען — אַדי, פּאָר אָפּזען ←. ניט געקוקט אויף, שוין אָפּגערעדט דערפֿון וואָס..., זיך ניט רעכענענדיק (מיט אַ תּנאַי, מיט אַ סיטואַציע). „אָ, פֿ ו ן דער נייטיקייט צו קאָנטראָלירן...״. „אָ, פֿון די אַלע נסים און וואונדער וואָס השי„ת האָט אַן שבּת געוויזן...״, ר, שמעון וואָלף מרגליות, ל שמעון, Bu(ls: en mihalyon, 1923. ״די סאָפּיסטן זײַנען, אָ, פֿון אַלע זייערע... חסרונות, געוועזן די ערשטע...״, גרינ, איד און וועלט, ז, 55.

אָפּגעזענגט — אדי, פּאָר אָפּזענגען ←. אַן אָ, עוף. אַן אָ'ער בּוים, אַ געטראָפֿענער פֿון אַ דונער. אַן אָ'ער = א) ווער עס איז אַ שטיקל

אַפּיקורס; בֿ) ווער עס איז אַרויס נקי פֿון א
געשעפֿט. *אָ, אויפֿן שׂכל (קעסטל, דאַכשטיבל)
= גײַסטיק צוריקגעשטאַנען. „ער בלײַכּט
נאַקעט ווי אַן אָ'ע גאַנדז„, פּרץ, שטעט או
שטעטלעך „אַ גרובֿ, אָנגעפֿילט מיט שטיקער
אָ, געהילץ“, ייִז, שטאָל און אײַזן, ז, 270.
„האָבן באַלד דערשפּירט דעם שרעקלעכן
עיפּוש... דער געריך פֿון אָ, מענטשנפֿלייש„,
מ ש טריגלער, גורלות, בּ„א 1952. „אין אמתן
אָ, איז אַיעדע שטובֿ, שאַרפֿע שׂנאה האָט זיך
אויפֿגעהויבן קעגן פֿאָניען„, י אָקרוטני, צוק,
סעפּט, 1956. “האָט אָ'ע אַרבל פֿון די שוואַרצע
פֿײַערן„, בעריש ווײַנשטיין, טאָג, 1962 I י 16.
־קייט.
אָפּגעזעסן — אדי, פּאָר אָפּזיצן ←. אַן
אָ, גליד. „אָ'ענע פֿאַרן כּיבוד, קענען מיר שוין
גיין“. „איך פֿיל ניט דעם אָ'ענעם פֿוס“. „אָ,
אין אָסטראָג פֿינף יאָר, האָט ער פֿאַרלאָרן אַלע
חבֿרים„. די פֿינף אָ'ענע יאָרן. *דאָס ב ר ו י ט
איז אָ, = שלעכט אויסגעבאַקן, דאָס
אייבערשטע האַרטע שטייט אָפּ. ־ערהייט.
־קייט.
אָסגעזעצט — אַדי, פּאָר אָפּזעצן ←. אָ'ע
עמודים. אָ'ע סחורה. דאָס אָ'ע געדיכטע אויפֿן

דנאָ. אָ'ע באַרג־מינים. אָ'ע צײַט אויף צו
לערנען. געבן אָ'ע קעסט = וויפּל ס'איז אין די
תּנאָים. געכן דעם קוואַרטיראַנט דעם אָ'ן
פֿרישטיק. אַן אָ'ער שטייגער, אָ'ע פּירונגען —
אײַנגעשטעלט, סטאַביליזירט, אָן קאָנטיקע
שינויים. אָ'ער מ ק ח — וואָס איז פֿאַרקלענערט
געוואָרן. פֿאַרקויפֿן אַ ביסל צרגעפּוילטע פּירות
לויטן (מיטן) אָ'ן מקח.
אָ, וו ע ר ן — אויך: אַראָפּגעזעצט ווערן.
אָ, ווי פֿון אַן אַמט. אַן אָ'ער מלך וואָס מע
משפּט אים. ״דער שׂר של מצרים ווערט פֿון

אָפּגעזשאַווערט

□ײַנר גדולה אבֿ גיזעצט ווערדן,,, מע□ה ה',
פֿפֿדמ תּפּ״ב. ,,(הכּהן הגדול) דר דז זעלביג
מאָל איז אבֿ גזעצט גווארן פֿון זײַן (כּהונה
גדולה)״, יוסיפֿון פֿיורדא 1764, קכב/א. ,,
אייביק זאָל אַ מענטש דאַוונען אויף אַן אָ, אָרט,
דאָס הייסט ער זאָל זיך קובֿע זײַן אַן אָרט.
ער זאָל תּמיד דאָרט דאַוונען״, איבֿז, ר, אליהו
די ווידאַש, אור עולים, יוזעפֿאָוו 1846. ,,ווען
אַ טראָגעדיקע אשה שמעקט עפּעס אָן אַן
עסנוואַרג... זאָל מען איר אײַנראָמען אין

אויער אַרײַן אַז עס איז יום־כּיפּור, וואָרעם מאַנכעס מאָל ווערט אָ, מיט דעם די דעה,,, דרך אדם, ווילנע תרכ,,ד. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעזשאַוועדט — אַדי, פּאָר אָפּזשאַווערן ←. אָ'ע אײַזנס. אָ'ע רייד, לאָזונגען אע. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעהומרט — אַדי, פּאַר אָפּחוֹמרן ←. אין אָ'ע, אַלטע, צעריסענע בּגדים. מיט אַ צעקנייטשט אָ, פּנים. ,,אַ פֿרעמדער אין אַ צו בּרייטן שינעל מיט אַן אָ'ן קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ", בּ דעמבּלין, צאָנקענדיקע ליכט, נ,,י 1958, ז, 25. ,,אָ', קוואַר, ווי ער זאָל אַשטייגער האָבּן די סוכאָטעס", צײַט, גל III, ז, 83. ־ער־הייט. ־קייט.

אָפּגעהושכט — אדי, פֿאַר אָפּחוֹשכן ←. אָ'ע יאָרן. אַן אָ, לעבּן ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעהזירט — אַדי, פּאַר אָפּחזירן ←. אָ'ע דירה. אָ'ע מלבּושים. אַ שלעכט געמאַכט, אָ, שטיקל אַרבּעט. קאַליע געוואָרענע אָ'ע בּאַציארנגען צווישן געוועזענע פֿרײַנד. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעהלומט — אדי, פּאָר אָפּחלומען ←. אַן אָ'ע יוגנט. אָ'ע וועלט. ,,געהיימע טיפֿן

פֿונעם טײַך, וואו ס'שלאָפֿט דאָס אָ'ע ניט־היגע לעבן“, פּמ, מלחמה , ז, 267. ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעהלשט — אַדי, פּאַר אָפּחלשן ←. ליגן אָ'ע. אָ'ע הענט וואָס קענען קיין זאַך ניט טאָן. אָ'ער פֿוס. באַגיסן ווי אַן אָ'ן פֿאַרמאַטערט
„ ·
דער פֿאָלקסווילן, ווי אָ, די ענערגיע,,, זשיט I, נ,,י 1912, ז, 100. ,,שטיל, אָ, איז געשטאַנען די... פֿאַבריק איין שעה פֿון נאַכטיקער משמורה“, יודל יאָפֿע, אין קעסל גרוב, מאָסקווע 1929, ז, 110. ,,ראָש־השנה לעת ערבֿ איז די וועלט אַן אָ'ע... און שׂמחת־תּורה בעת ברכת שהחיינו על התּורה באַרואיקט זיך די וועלט,,, לדבֿ, נ,,י 1957, ה. —ערהייט. ־קייט.
אָפּגעהרשט — אַדי, פּאַר אָפּחרשן ←. אַן אָ'ער ב אַ מסחר, ב אַ משׂא־ומתּן. ,,אַן
אָפּי ׳
גענאַרטער, אַן אָ'ער, האָט ער ניט געהאַט קיין חשק זיך צו משפּטן“.
אָסגעהשבונט — אדי, פּאַר אָפּחשבונען ←.
אָ'ע חובֿות. אָ'ע קרעדיטאָרן. אָ'ע דאַטעס פֿון ליקרי־חמה'ס מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעהתמעט — אדי, פּאַר אָפּחתמע(נע)ן
←. אַ פֿאַרשלאָסענע, אַן אָ'ע קראָם. ,,

אַראָפּ1736

נעמען דעם ערשטז בויגן פּאַפּיר פֿון דעם אָ'ן
פֿריגאָוואָר,,, ממוס, טאַקסע. ,,דאָס איז געווען
פֿאַר הושענא־רבה, איידער דאָס קוויטל איז
נאָך אָ',,, שע, פֿונעם יאַריד I ־ערהייט.
.
־קייט.
אָפּגעטאָגט — אַדי, פּאַר אָפּטאָגן ←. וואָס
דער טאָג פֿון דעם איז שוין אַוועק. אַ
נעכטיקע, אַן אָ'ע ידיעה. ,,אין וועג פֿאַרנעמענדיק
די אָ'ע בלעטער, מיט דראָבנע טריט קומט...
[זי] צו גיין,,, יוסף ראָלניק, גש.
אָפּגעטאָן — אַדי [בלויז אין דער קורצער
פֿאָרעם — בלויז פּרעדיקאַטיוו אָדער פֿאַר אַ
נייטראַלן סובֿ מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל],
פּאָר אָפֿטאָן (זיך) ⃞ .. ,,אָ, איז אָ'“; ,,אָ, איז
פֿאַרפֿאַלן,, ⃞ ,,האַלבֿ אָ, איז ניט־אָ',,; “ווען דער
-

פֿעלער איז אָ', מאַכט מען ערשט אויף די
אויגן,,, שוו. *ס איז אַן אָ, שטיקל אַרבֿעט =
געטאָן בכּיוון, זיו אָפֿצורעכענען. ,,ס'איז
געווען אַן אָנגעזאָגט און אָ, נקמה־נעמען".

אָ, ז ײַ ן — אָפּגעשיידט, אָפּגעטיילט,
דערווײַטערט, פֿאַרשוואונדן. ר .כּלין 8 פֿאַרטײַטשט:
'סליקר, (דניאל, ב, 29): ,,זינט אבֿא גטאָן, י,,א
זינט אוּף גנגן,,. [תּי: ,,זײַנען אַרויפֿגעקומען,,].
"זײַנן דײַני יסורים און, פֿורענות אכּ גיטאן...
און, קומען ניט אויף אים", סהמ, תּהלים, י, 5.
"די שמירה פֿון הקבֿ,,ה איז פֿון אים [דעם
רשע] אבֿ גיטאָן", נצ 1, ח/ג. "ווער נאָך איז
אַזוי אָ, פֿון תּענוג עולם־הזה וו אַן אמתער
י
חסיד?", קמ, 1869 47, No. ,,אָ, איז פֿון איר
די פֿרומקייט און לײַטזעליקייט", בּאַש, ע)טן
אין גאָרײַ.

אָ, וו ע ר ן — 1. אינגאַנצן פֿאַרענדיקט,
דורכגעפֿירט (וועגן עפּעס וואָס איז ניט־שיין).
"אַזוינס ווערט אָ, אין דער שטיל". ,,אין די

קליינע שטעטלעך ווערט אַלץ אָ, פֿאַרנייט און פֿאַרדעקט", שוו. 2. באַצאָלט מידה כנגד מידה. „אַזוי ווי ער האָט געטאָן אַזוי ווערט

.

אים אָ'", שבֿט מוסר, סדילקאָוו תּקצ„ג.

3. אַזוי ווי אָ, זײַן. ווײַכלין ▯ פֿאַרטײַטשט 'המסרים, (שמואל א, כא, 7): „די ווּרדן אַבּא גטאָן" [תּי: „אַראָפּגענומען געוואָרן"]. „זײַנען בּאַלד אַלע מקטרגים פֿון ישׂראל אָ, געוואָרן„, ר, יעקבֿ קראַנץ, נעימת יעקבֿ, ווילנע 1896. "עס זאָל נישט אָ, ווערן די תּפֿילין פֿון דײַן קאָפּ און פֿון דעם אָרעם", מ"א בּיילינסאָן איבּז, רבּינו אַשר, ארחות חייס, אַדעס 1898.

4. נסתּלק ווערן, נפֿטר ווערן. „עס ווערט ניט אַפֿילו איין מענטש אָ, פֿון דער וועלט, בּיז ער זעט פֿריִער צו אָדם הראשון„, נוצ, זשיטאָמיר תּרכ"ג, כט/ב.

אָפּגעטאָנען — אדי [בּלויז דער יסוד פֿאַר דער לאַנגער פֿאָרעם. ← דפֿוו]. „דאָס אָ'ע קען מען ניט צוריקכאַפּן„; „דאָס אָ'ע נעכטן זיַי אַ בּריה הײַנט צו פֿאַררעכטן„, שוו. "עפּעס נאָר טאַקע אַ כּישוף, אַן אָ'ע זאַך, כּאַהיט זאָל מען ווערן", ממוס, ווינטשפּ „[ער], אַן אָ'ער פֿון דער וועלט, האָט זיך געלאָזט...„, פּמ,

טראָט פּון דוירעס, מאָסקווע 1966. ־

עראָפּגעטופּעט

הייט — האָבּן חרטה אָ'. ־קייט — „ס'איז
אַ נקמה, אַן אָ'".
אָפּגעטאַנצט — אַדי, פּאַר אָפּטאַנצן ←.
„אַן אָ'ע, האָט זי זיך צוגעזעצט אויף דער
קאַנאַפּע„. „אָפּגעצימבלט, אָ, און אַ גוטן טאָג"=
שוין אַראָפּ פֿון מאַרק, טויג שוין צו גאָרנישט.
"— וואָס מאַכט ער ? — ער האָט שוין אָ,
(איז שוין אַן אָ'ער)" = איז פּלוצעם געשטאָרבּן
אינמיטן אַ טומלדיק לעבּן. ־ערהייט.
אָסגעטאָקט — אַדי, פּאָר אָפּטאָקן ←. אָ'ע
גאַלקע. אָ'ע שטעקעלעך. אָ'ע פֿיגור(קע), אָ'ע
פֿיסלעך. אַ קלאַסיש אָ, נעזל. אָ'ער סטיל. אַן
אָ'ע פֿערזענלעכקייט. טאָן אַן אַרבּעט גוט,
ווי אָ'. אַ קלאָרע, אַן אָ'ע קשיא. *אַן אָ'ער
ל י ג ן = אַ קונציק צוגעטראַכטער און גלאַט
אַרויסגעזאָגטער. „טאָן אַ מצווה ווי אָ', אָן שום
פּניה", אמך, דיא לעבּע[ס געשיכטע פֿון נטע
גנבֿ, ווילנע 1887. „פֿון אויבּן אָ', אָפּגעשניצט,
און ריין ווי אַ שיינער קריסטאַל, אָבּער
אינעווייניק?", פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן. „די

גלידער ווי אָ'ע און עפּעס ווי אַ חן ליגט אין איטלעכער באַוועגונג זייערער,,, ממוס, קליאַטשע ,,מע ווערט פֿאַרמאַטערט פֿון שלינגען די אָ'ע רייד פֿון ר, מענדעלען,,, בעמ I. ,,ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ מלבוש, איז עס געווען פּשוט ווי אָ'", די ביהן, וואַרשע 9 1906, No.
"אָ'ער, געשליפֿענער קוואַרץ, ווי אויף אַ ימבּרעג,,, ש. פּערסאָוו, אויצרעס, מאָסקווע 1939.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעטאַרג(אַנ)עט — אַדי, פּאַר אָפּטאַרגען ←. אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. פֿאַרדינען שטיקער גאָלד און אַרומגיין אָ'.

אָפּגעטובֿלט — אַדי, פּאַר אָפּטובלען ←.
אַ כּשרע, אַן אָ'ע אין מקווה. ,,ווען דער טאַטע איז געקומען פֿון דער מקווה אַן אָ'ער, האָט ער זיך אָנגעטאָן אינגאַנצן יום־טובֿדיק,,, פּנחס רודאָי, טמז, 27 1964 IX. ,,דער אָ'ער, אויסגעצוואָגענער וואַלד איז געשטאַנען ווי אַ חתנבּחור, אָנגעטאָן אין אַ נײַער גרינער זופּעצע,,, ממוס, קליאַטשע. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעטויט — ← אָפּגעטייט.

אָפּגעטון — ← אָפּגעטאָן. ,,די אָפּגעטוענע אַרבעט פֿון טאָג", מ. י. שעליובסקי, אין אָרן

אַרןס, ז, 75.
אָפּגעטונקט — אדי, פּאָר אָפּטונקען (זיך) ←.
אויך: ~געטונקען. אָ, אין וואַסער. אַן
אָ'ער אין מצוות. אָ, אין יחוס. אַן אָ'ע אין
בּריליאנטן. „קירכן, מעטשעטן זײַנען געוועזן
אַ, פֿון אויבּן בּיז אַראָפּ אין בּענגאַלישע
פֿײַערן„, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. „כ'גיי
פֿאַרבּײַ אַ רײַכן פּאַלאַץ, אָ, אין ליכט אין
העלן“, אַר, 'אין וועג,. „אָ, אין דער
פֿאַרנאַכטיקער רויטקייט“, מק, אַלע ווערק I. *אָ'ער
הערינג=אָפּגעכוימלטער, אָפּגעלאָזענער. ־
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטופּעט — אדי, פּאַר אָפּטופּען ←.

אָפּגעטוקט

אָ'ע פּאָדלאָגע. "פֿינף אַלטע ייִדן מיט חרובֿע
מײַלער און אָ'ע פּיס“, עליע קאהאן
פֿאַרשיירענע דערציילונגען, מינסק 1940.
אָפּגעטוקט — אַדי, פּאָר אָפּטוקן (זיך) ←.
אָ'ע גופים. אָ'ע אין מקווה, אָ, אין זונענשײַן.
־ערהייט.
אָפּגעטייט — אַדי, פּאָר אָפּטייטן ←. אַן

אָ, חיהלע. אַן אָ, גליד פֿאַר אַן אָפּעראַציע. ניט אָ, איז אונדזער גײַסט (ווילן, ענערגיע אע). ־ערהייט. ־קייט — די אָ, פֿון שעפֿערישן געדאַנק.

אָפּגעטײַטשט — אדי, פּאַר אָפּטײַטשן ←.

-

אָ'ע ווערטער, שטעלן, פּסוקים אאַזוו. — ערהייט — אויך אָ, בלײַבט די שטעל אומקלאָר. ־קייט — אַ פֿאַלשע אָ'.

אָפּגעטיילט — אד , פּאַר אָפּטיילן (זיך) ←.

אָ'ע גרופּע. אָ'ע דירה. אָ'ע תּבֿואה. אַ זאַך, אָ, פֿאַר זיך. צונויפֿבינדן די אָ'ע גלידער פֿון פֿאָלק. אָ, מיט אַ פֿאָרהאַנג. „ווען מען אין דעם בעקן העט קיין חלה גענומען און דער טייג איז... אָ, — זאָל מען אַ טוך שפּרייטן איבער אַלע די טייג, דערנאָך זאָל מען נײַערט פֿון איינעס טייג... חלה נעמען“, עפּש, דרך הישר לעולס הבא, שקלאָוו תּקנ ו. „עס זאָל נישט אַרויפֿגיין אויף דײַן זינען אַז די הימלען און זייער גאַנצע הערשאַפֿט... [איז] אַן אָ'ע זאַך פֿאַר זיך“, תּניא, סא. “אַ געמויזעכץ... איז געשטאַנען גאַנץ אַפּאַרט, אָ, פֿון דער רעשט לאָנקע„, פּרץ, ,אין געמויזעכץ'. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעטייעט — אדי, פּאָר אָפּטײַען ←. אָ'ע
-
שריבן. „בערעלע שד... גליטשט זיך אויף
דעם אָ'ן ברעג“, אַש, בײַם דנעפּער, ווילנע
1939, ז, 241. ־ערהייט. —קייט.
אָפּגעטינקעוועט — אַדי, פּאָר אָפּטינקעווען
□. אָ'ע וואַנט. „אַזאַ מין שטוב איז אויך
יענע אָ'ע צווישן דעם רינג הײַזער„, ממוס,
שלמה „די אָ'ע ציגל שיילן זיך„, אָפּאַ, די
טענצערין. ־ערהייט.
אָפּגעט□עט — אַדי, פּאָר 'אָפּטיִען'.
אָפּגעגאָסן, אָנגעפּראָפּט מיט שמאַלץ, פֿעטס. שלעפּן
דעם שווערן אָ'ן בויך. אַ פֿעטער, אָ'ער קאַרק.
אָפּגעט□ען — פּד. אוקר געוויינלעך
אויסגעלייגט אָפּגעטוען. ← אָפּגעטאָן,
אָפּגעטאָנען. ס'אַן אָ'ע זאַך.
אָפּגעט(י)עסעט — אַדי□ פּאַר אָפּט(י)עסען
←. אָ'ער קלאָץ. אָ'ע קאָרע. „גיי רייד מיט
די ניט־אָפּגעטעסעטע סאָלדאַטן„, ש. ברעגמאַן,
אפֿן מיזרעכ איז אומרואיק, מאָסקווע 1934.
„אַ דאַרער, אָ'ער... פּאַרשוין“, יוט□ ראָלניק,
גש ־ערהייט.
אָפּגעטיש — אַדי. דזוו אָפּגאָטיש, וואָס איז

ווי צו (בנוגע) אַן אָפּגאַט. ,,זי שעצט מיר
נישט אָ־כלינד, נאָר אַזדי וויַט ווי דאָס קאָן
נוצן,,, בּעמ .

.1 37

אָפּגעטעמפּט — אַדי, פּאַר אָפּטעמפּן ←.
אָ'ע חושים. אָ'ע געפֿילן. אָ'ער ווייטיק. אָ'ער
שפּיץ. ,,אויסגעוועפּטע ריחות, אָ'ע שטימען,,,
הר, געדיכטע און לידער, 'אַרום טיַיך'. ‘‘איך
בּין נאָך דאַן געווען אַ יונגער פֿירער און וויניק
אָ, קעגן אַן אומגליק,,, ייִט פּ .גנבוימער,
וואַר,
שע 1922. ‘‘אָ, פֿון שרעק, האָט זיַין געוויסז
שטיל געדרעמלט,,, רוב, ,אויף די חורבות פֿון
וואַרשע, ־ערהייט ־קייט —
האַלב.
חיהשע אָ'.
אָפּגעטעקלט — אַדי, פּאָר אָפּטעקלען ←.
אָפּגעצאַצקעט און אָ'. אָפּגעטאָקט און אָ'. ,,אַזאַ
מענטש איז בּיַי זיך אָפּגעלעקלט און אָ‘‘, נאַד.
אָפּגעטער — מצ פֿון אָפּגאָט ←. ,,טוען
זיך בּוקן צו אָ, וואָס ןייערע פֿינגער האָבּן

געמאַכט", ישעיה, פּירוש עבֿרי טײַטש,
לעמבערג 1877.
אָסגעטער יי, — דאָס, ־ען. געצנדינסט.

עבֿרדה־זרה. „זיא מײַן לנד האבֿן ור שוועכט
מיט איין אבֿ גטעריי", שעריר, טז, 18. ־יש —
אדי "האָסט מיך אַרויסגענומען פֿון אָ'ישע
מאַכט", מ ש , איין שיינע אונ ווינדעדליכע
ערצעהלונג פֿון משה רבֿינו, לעמבֿערג 1889.
אָפּגעטערכעט — אַז־י, פּאָר אָפּטערכען ←.
אָ, בֿריוול. אָ'ע היימאַרבֿעט. „ס'איז
אַרײַנגעקומען דער שטאָט־מגיד אין אַן אָ, פֿוטערל,
און די פּאָלעס זײַנען זיך צעפֿלויגן",
ליפּמאנלעווין, דוירעס דערוואַכטע I, מאָסקווע 1934.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטראָגן — אדי, פּאָר אָפּטראָגן ←. אַן
אָ'ענער קאָסטיום. אָפֿגעלאָזן, אָ, ווי בּ אַן
י

אמתן יורד. אָ, טעפּל. אַ פֿרוי מיט אַן אָ, פֿנים.
אַן אַלטער, שוואַכער, אָ'ענער גוף. "מע דאַרף
אים איכּערניצעווען ווי אַן אָ'ענעם מלבֿוש".
אַן אָ'ענער = אַן עובֿר־בֿטל. „אַן אָ, רעקל

מיט... אויסגעריבֿענע עלנבֿריגנס, אַן

אַלטגעזעסענער שניפּס", שע, אידישע שרייַבער
"'רוח היהדות', 'עכט ייִדישקייט', 'ייִדישע
עטיק, — דאָס אַלץ איז פֿאַרן מאָדערנעם מענטש
אַלט אויסגעדראָשן', אָ'", פּרץ, ,ווענן וואָס
,

פֿירן אָפּ פֿון ייִדישקייט'. ,,און זײַן נפֿש אָ', ווי
זײַן בלוזע,,, אַל I, 'דער קאַריערעסט'. ־
ערהייט ־קייט.
.
אָסגעטראָטן — אדי, פּאַר אָפּטרעטן ←. פּפֿ:
~געטרעטן. אָ'ענע אַרמיי. אָ'ענע זוילין.
אָ'ענע שטיגן. אַן אָ'ענער פֿון גלויבן. אָ,
.
פֿון טאָטן (מאַמען) = ניט ענלעך לויטן
כאַראַקטער. "אַז עס איז אָ, פֿון פלאַן
פֿאַר,
ריכט מען זיי [די שולן] אויף קאָסט פֿון די
שולדיקע,,, איבז, קאָנסטאַנטין קאַלינסקי,
פֿעסטזעצונג ווענן יהודים..., ווילנא והוראָדנא
תקצ,,ה. ,,זיר אומקערן מיט אַ פּאָר אָ'ענע שיך,,,
ב. שקליאַר, אויף פֿאַלשע ווענן קאַונאַס 193.
,,די טאָכטער — אַ טויב! אָ, פֿון דער מאַמען
ווי מזרח פֿון מערבֿ,,, ח. פּעט, איק, 1960 II י 29.

־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטראַכט — אדי, פּאַר אָפּטראַכטן (זיך)

אָפּגעטרענט

←. טאָן, זאָגן עפּעס אָ'. „אַ ייִד אַ קאַלטער, אַ געלאַסענער, אַן אָ'ער, אַלץ זאָל זײַן מיט אַ שׂכל, מיט אַ חשבון„„ מרדכי בן הלל הכּהן אין מאַמע לשון, ווילנע 1935. ־ערהייט. קייט.
אָפּגעטדאָפּנט — אדי, פּאַר אָפּטראָפּענען'.

,
אָפֿגעטריפֿט. דאָס אָ'ע פֿלייש פֿאַרן זאַלצן. —ערהייט.
אָפּגעטרוימט — אַדי, פּאָר אָפּטרוימען ←. אָ'ע יאָרן. „אָט ליגט דאָס ליבסטע שוין אַהינטער אין אָ'ער וואָר“, אַל II. ־קייט.
אָפּגעטרונקען — אַדי, פּאַר אָפֿטרינקען ←. מילך, אָ'ע פֿון פֿלאַש. אָ'ער בראָנפֿן. „אָ'ע גלעזער טיי אויפֿן טיש און אַ סאַמאָוואַר אין דער זײַט“, ש. קליטעניק, ווערק און שרײַבער מאָסקווע 1935. ־ערהייט.
אָפּגעטריבן — אדי, פּאָר אָפּטרײַבן ←. אָ'ענער הונט. אָ'ענער שׂונא. אָ'ענער וולד. אָ,

וואַסער. „.... אַרײַנלייגן אין אַ טוך און
אויסקוועטשן דערפֿון דעם סאָק... אײַנטונקען אין
דעם אייבערשטן אָ'ענעם סאָק...„ המאסף,
איבז □ון פֿויליש, ווילנע, יאָר? [ערשטע
העלפֿט 19. י„ה]. „אַ פֿרישער, אָקערשט אָ'ענער
גײַץ זעט אויס ווי אַ לאַנגע טאַשמע„ פֿגעז,
ווילנע 2 1924, No. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטרייסלט — אדי, פּאָר אָפּטרייסלען ←.
אָ'ער שטויב. אָ'ער שניי. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטריפּעט — אדי, פּאָר אָפּטריפּען ←.
אָ'ע מלבושים. אַן אָ, פּנים. „דעם אָ'ן מאַנטל
האָט דער שנײַדער אָפּגעבראַכט אין אַפּטייק
אַרײַן“, בערג.

□

אָסגעטריסט — אַדי פּאָר אָפּטריפֿן □. פּרעסן
די אָ'ע לײַלעכער. אײַננעמען מיטן לעפֿעלע
אַלע צען אָ'ע טראָפּנס רפֿואה ־ערהייט.

.

אָפּגעטריקנט — אַדי, פּאָר אָפּטריקענען ←.

אָ'ער האַנטעך. אָ, בלוט. אָ'ע קעזלעך. „דער
מוטערס מילך איז נאָך גיט אָ, פֿון די ליפּן„,
לויט אַ סל אידיאָם = נאָך צו יונג, אָן
נייטיקער דערפֿאַרונג „אַ פּען, נאָך ניט רעכט אָ,
פֿונעם טינט„, ממוס, שלמה „זאָגן אַז דאָס
ייִדישע פֿאָלק איז... נאָר עטלעכע קופּקעלעך
אָ'ע צעבראָכענע ביינער„, רעד, גרשם באדער,
יודישער פֿאָלקסקאלענדאר תּרס„א, לעמכּערג.
„פֿאַרנאַכט האָט [זי] די אָ'ע וועש אַרײַנגענומען
פֿון דרויסן“, ווײַס, א שלעכטע פּרוי, ז, 168
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטרעטן — ← אָפּגעטראָטן. “די מזוזה
מוז זײַן אָ, פֿון אויבן לכּל־הפּחות איין טפֿח“,
שלחן ערוך, אָנהייב 19. י“ה, אַרט יִ “
געשפּרונגען איבער שמאָלע, איינע פֿון די
אַנדערע ווײַט אָ'ענע קלאַטקעס„, ממוס, ווינטשפֿ.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעטרענט — אדי, פּאָר אָפּטרענען ←.
אָ'ער אַרבל. „איין טייל לײַט זי אורן... האבן
אַפֿילו איר זאָקן ניט אַן, גין אויך זיין אב

אָפּגעטרעסעט

גיטרענטי שיך,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבא,
שקלאָוו תּקנ,,ו, ,,ער האָט... אָנגעהויבט די
אָ'ע הויט מיט דער פֿאַרע פֿון מויל,,, ייִז, ,
אַלטשטאָט,. ‘‘דער טומל פֿון דער וועלט מיר קלינגט
אַלץ ווײַטער, אָ'ער,,, יהואָש, 'בײַם קברס
ראַנד, ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעטרעסעט — אַדי, פּאַר אָפּטרעסען ←.
אָ'ע זעקלעך מעל. פּירות, אָ'ע פֿון די ביימער.
‘‘האַרבסט... די אָ'ע נאַקעטע ביימער,,, העדש
לייב קאָזשעבער, קאָזיאָנע־גימנאָזיע,
טשערנאָוויץ 1937. ־ערהייט.
אָפּגעטשיפּעט — אַדי, פּאַר אָפּטשיפּען ←.
אַרומגיין אין שמאַטעס, אָפּגעפֿליקט און אָ'.
,,אַן אָלטע גמרא... מיט פֿאַרשמאַלצעוועטע,
פֿאַרגעלטע בלעטלעך, אָ, און פֿאַרבויגן בײַ
די עקן,,, בן־עמי, די ערשטע נאַכט פֿון ח[כּה,
אָדעס 1893 ־ערהייט.

.

אָפּגעטשירבעט — אַדי, פּאַר אָפּטשירבען
←. פּפֿ: ~געטשערבעט. אָ'ער טעלער. אָ,

ליימען טעפל. ־ערהייט.

אָפּגעטשעפּעט — אדי, פֿאַר אָפּטשעפּען (זיך) ←. אַן אָ'ער וואָגאָן. ־ערהייט.

אָפּגעטשקע — די, ־ס. שפּאָטיש. אויך: וונ פֿון אָפּגאָט, ווי אַ פֿיגור, הענט פֿון אַ ליימענער אָ'.

אָפּגעיאָגט — אדי, פּאָר אָפּיאָגן ←. אָ'ער כלבֿ. אָ'ע טרויעריקע מחשבֿות. אָ, פֿון לערנען = דערוווּטערט פֿון לערנען. אַזוי אויך: אָ, פֿון ישיבֿה. ״דערזען דאָס אָ'ע, אָפּגעמאַטערטע פּאָרל וואָס שטייט אין גרויס פֿאָרלעגנהייט,,, בּ. דעמבּלין, צוויי און אַ דריטער. ,,די שטערן ציטערדיקע גליִען ווי אירע אַכט און צוואָנציק אָ'ע יאָר״, מאַל, פֿריידקע. ־ערהייט. —קייט.

אָפּגע אָמערט — אדי, פֿאַר אָפּיאָמערן ← ׳

אָ'ער הספּד. אָ'ע טעג ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעיובֿלט — אַדי, פּאַר אָפּי1בלען ←. אָ'ער שרײַבּער. ,,ווײַל איך בּין שוין פֿון מנין אָ'ע, זײַט איר געוואָרן מײַנע נאָענטע און טײַערע,,, חג, דער מענטש פֿון פֿײַער, ז, 117. —ערהייט. ־קייט.

אָפּגעי󠀠וועלירט — אַדי, פּאַר 'אָפּיוּוועלירן'.
נעאָל. אַרומגעפּוצט פֿון אַ יוּוועלירער. "
טאַבעק־קעסטעלעך פֿון ריינעם גאָלד, מיט
בּריל אַנטן אָ,,,, א פּיאַטיגאָרסקע, סאָוו, ליטעראַ—
׳

טור, קיִעוו 9 1940' No.

󠀠

אָסגעיום־טובט — אַדי, פּאַר אָפּיום־טובֿן
←. אָ'ער נצחון. אָ'ער יובילי󠀠 ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעיסורימט — אַדי, פּאַר אָפּיסורימען ←.
אַן אָ, לעבן. "דער גט וועט דאָך פֿאָרט
פֿאַרבלייַבן דער איינציקער עדרת פֿרן אירע צען
אָ'ע יאָר,,, א שעכטמאַן, ער󠀠
אָפּגעכשדט — אַדי, פּאָר אָפּכשרן ←. אָ,

1738

פֿלייש. אָ'ע כּלים. אָ'ע הינטערגענגעלעך ־

ער.

הייט. ־קייט.

אָפּגעכאָוועט — אַדי, פּאַר אָפּכאָוועט (זיך)

←. אָ'ע קינדער. אָ, בחורל. ▯ ערהייט.

־קייט.

אָפּגעכאַפּט — אַדי, פּאַר אָפּכאָפּן ←. אָ'ע רייד. אַן אַ, דאָוונען. אַ ניט־אויסגעפּלאַנירט, אַן אָ, ווערקל. אָ, עסן. ,,האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַן אָ'ן קול,,, אי קיפּניס איבז ק.

גאָרבונאָוו, דאָס אײַז גייט, ק▯עוו 1930. ,,טוט אים אָ נעם דורך מיט איר אָ'ן בליק,,, ל. אָליצקי, וואָלינער ייִדן, ז, 231. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעכוימלט — אַדי פּד, וורר. <

אָפּגעחוֹמרט (?). אָפּגעריסן, אָפּגעטראָגן, אָפּגעניצט, אָפּגעקראָכן (ווען אַ מלבוש). אָ, מעבל. אָפּט אין די ווערק פֿון באַש. ,,אַן אָ'ער שווער ביַים איידעם שטייט נעבעך ביַי דער טיר,,, זלטן סאַבעל מזאַמושטץ זווגים, וואַרשע 1874. ,,אַ דאַר, אויסגעהונגערט מענטשעלע אין צעריסענע, געלאַטעטע לאַכעס.... אויפֿן קאָפּ אַן אָ'ן געלעכערטן הוט,,, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער יוגג II, סאַרנאָוו l925. ,,געקומען אָנצולויפֿן... מיס אָ'ע בגדים און דאַרע וואַליזעס,,, מ שטריגלער, אינזלען אויף דער ערד,

ז, 107. „אַרומגעקראָכן אין שווערע זעלנערשע
שיך,... און אַ פּאָר אָ'ע תּהתּונים„, בּ.
דעמבּלין, צאַנקענדיקע ליכט, ז, 305. ־
ערהייט. ־קייט — „שווער איבּערצוגעבּן
די אָפּגעריסנקייט און אָ, סײַ פֿון חדר און סײַ
פֿון די קינדער„, בּאַש, פּאָר, 24 X 1964.
אָפּגעכוימערט — ← אָפּגעחוֹמרט.
אָפּגעכמאַליעט — אַדי, פּאָר אָפּכמאַליען ←.
 דאָס טרייפֿענע אָ'ע פּנים„. אָ'ע בּאַקן. „...האָט
משהל אונטערגעהינקט אויף אָן אָ, פֿיסל",
אָפּאַ, 'מ'זובט אַן אַמעריקאַנער„. ־ערהייט.
אָפּגעלאַגערט — אַדי, פּאַר אָפּלאַגערן ←.
אָ'ע סחורה. ־ערהייט.
אָפּגעלאָז ט — אדי, פּאָר אָפּלאָזן ←. פּפּ
~געלאָזן. „פֿלעגט ער גיין אָ'ן און ניט
ריין„, ר, יעקבֿ מדובּנא, משלי חכמה ווילנע
תר"נ. לעבּן אין אַן אָ'טער דירה. אַ שמוציקע
און אָ'טע בּריאה. אַ חבֿרה אָ'ענע אָרעמעלײַט.
"בּײַ אָ'טע הענט רעגנט פֿון די ווענט„, שוו
אַן אָ'ער זעלנער. „ווען דען ייִדן תּמיד זײַן
אַזוי אָפּהענטיק, אָ, י„, ממוס, 'נשׂרפֿים'. אַן
אָפּגעלאָזענע ז אַ ך = אַן אומריינער מענטש.
אַן אָפּגעלאָזענער צ י מ ע ר ־ אַן אומריינער,

מיט אומאָרדענונג. ־ערהייט — ,,דערנאָך ערשט האַנדלט ער איַין זיַין סחררה גאַנץ אָפּגעלאָזענערהייט,,, אמד איבֿז, ר, אַבֿרהם דאַנציג, בית אָבֿרהס, ווילנע 1865 ־קייט.

.

אָפּגעלאָיעט — אַדי, פּאַר אָפּלאָיען,. אוקר.

נI . o . : . < . אָפּגעשמירט מיט פֿעטס, מיט חלבֿ. פֿעט געוואָרן (פֿון רווחים). אָ'ער בויו. אָ'ע קופֿערטן. ,,איך ווער אָ', איך שאַר מיט לאָפּעטעס,,, בערג. ,,אַז איך וועל מאַכן דאָס געשעפֿט, וועל איך ממש אָ, ווערן,,.

אָפּגעלטן

אָפּגעלאַמעוועט — אַדי, פּאַר אָפּלאַמעוועזן

←. פּפֿ ,געליאַמעוועט. אָ'ע, אַרומגעזוימטע ליַילעכער. ,,גאָר ווי מיט אַ גילדענעם זוים איז אָ, דער בוים“, עט, לידער.

אָפּגעלאָנטשעט — אַדי, פּאַר אָפּלאָנטשעז (זיך) ←. אַ בהמה אַן אָ'ע פֿון דער טשערעדע. אָ'ע דראָטן. ־ערהייט.

אָפּגעלאַפּעט — אַדי, פּאַר אָפּלאַפּען (זיך)

←. פּפֿ: ..,געליאַפּעט. אַן אָ'ער ווי אַ

חזיר, פֿון קאָפּ ביז די פּיס. אָ, פֿון אָ
גאָסרעגן. אַ וואַנט, אָ, מיט קאָלך.
אָפּגעלאָפֿן — אַדי, פּאָר אָפּלויפֿן ←. די
אָ'ענע יאָרן. אָ'ענער וועג. אָ'ע נעגל. אָ'ער ליגן.
„דערזען זי האָט איר אָ, לעבן אויף צוריק“,
פּמ, מלחמה I. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעלאַק(יר)ט — אַדי, פּאַר אָפּלאַק(יר)ן
←. אָ'(יר)טע פּאָדלאָגע. אָ'ירטער חפֿץ. „די
ביימער און גרעזער זײַנען דאָ געשטאַנען
אויסגעוואַשענע, די בלעטער ווי אָפּגעלאַקטע“, זש,
קיסר און רבי II. „די אָפּגעלאַקירטע ביטקעס
זייערע האָבן זיך גערירט פּאַמעלעך„, ד.
פֿערדמאַן איבז, י. באָבעל, דערציילונגען, באַרקאָוו
1925. ־ירטערהייט. ־ירטקייט.
אָפּגעלאַקעוועט — אַדי פּאַר
אָפּלאַקעווען ←. „זעט פֿאַר זיך זייער אַן
אָנגעזעענעם מענטשן... מיט עטוואָס אָ'ע אויגן„,
דער ראַדיקאַלער מאַגאזין, הערויסגעגעבן פֿון
קאַהנס ביבל', נ„י 1905.
אָפּגעלאָשן — אדי, פּאַר אָפּלעשן ←. אָ'ענע

-

שריפֿה. אַ באַרואיקטער, אַן אָ'ענער. אָ'ענע
וואַפּנע. אָ'ענע קאַלך. אָ'ע מחלוקה. אָ'ענער

דאָרשט. ־ערהייט. —קייט.
אָפּגעלוטשעט — אַדי, פּאָר אָפּלרטשען ←.
אָ'ע הויט. אָ'ע קאָרע. ־ערהייט.
אָפּגעלויעט — ← אָפּגעלאָיעט.
אָפּגעלונגען — אַד, פּאָר אָפּגעלינגען ←.
אָ'ענער שווינדל. אָ'ענע המצאָה. ־ערהייט.
אָפּגעלופּעט — אַדי, פּאַר אָפּלרפּען ←. אָ'ע
קאָרע. אָ'ע פֿעל. „ניט אַ דירה נאָר אַ חורבֿה,
די ווענט אָ'ע, די דילן צעבראָבענע“. „ווי אַ
חיה מיט דער פֿעל האַלב־אָ„,, נאַד. „... האָט
אויפֿגעהויבן די אויגן צום אָ'ן ציפֿערבלאַט“,
ב. רעסלער, אַמעריקאַנער, 28 1957 I.
אָפּגעלדשטשעט — אַדי, פּאַר אָפּלושטשען
←. אָ'ע פּיסטאַשקעס, מאַנדלען אע. “
הוילקויטיקלעכע, אָ'ע ווענט„, נס, הויפּטשטעט,
מאָסקווע 1934.
אָפּגעלטן — אוטוו & טרווו. געלט אָפּ, ~
געגעלט. פֿאַרגיטיקן מיט עפּעס, באַצאָלן מיט
געלט פֿאַר עפּעס גרטס. אָ, עמעצן פֿאַר זײַן
שיינער האַנדלונג. „איך וויל איר כאָטש צום
טייל אָ, פֿאַר איר גוטסקייט צו מיר“, י. טיגער,
דער צדיק און דער בעל־תּשוה. ־ונג.
־עניש.

אָפּגעליאַמעוועט

אָ▯געל אַמעוועט — דזוו אָפּגעלאַמעוועט!

ִ

→. אָ'ע נעט — בּוֹלטע, קאָנטיקע וואָס
שאַפֿן אַ מערקלעכן זוים.

אָפּגעל אַפּעט — דזוו אָפּגעלאַפּעט →. „זיך

ִ

אַנטוויקלט אַזוי וו אַ שיינע רויז אַז זי ווערט

ִ

אָ, פֿון אַ רעגן„, קמ, 46 1866, No. „שטאַרבּן
פֿאַר דעם אייגענעם אָ'ן לעבּן„, יג, פֿון מ▯.ן
גאַנצער מי

אָפּגעליאַקירט — דזוו אָפּגעלאַקירט →.
„מײַן רייזלס שוואַרצע לאַנגע צעפּ... מע
האָט זיי געמעגט פֿאַרגלײַכן צו אַ שוואַרץ־אָ'ער
פּאָדעשווע פֿון מײַנע אַ פּאָר אַרבּעט„, בּ.
בּעקערמאַנן, זב דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע
.1895

▯..געליאַקעוועט — דזוו אָפּגעלאָקעוועט.
„בּאַטראַכט דעם שוואַרצן אָ'ן קעסל מיט די
גראָבּע מעשענע ניטן„, ייִז ,וואַלד'.

אָפּגעליוסטרעוועט — אַדי, פּאַר

אָפּליוסטרעווען ‎. אוקר. ל2.   אויסגעוועקסטע, אָנגעריבּענע, אָ'ע פּאָדלאָגעס.
אָפּגעליזעוועט — אַדי, פּאָר אָפּליזעוועןֽ ←.
גאַליציע.   אַן אָפּגעקראָכענער, אָ'ער פֿוטער. אַן אָ'ער, אַ יורד. אַן אויסגעדאַרטע, אָ'ע שקאַפּע. ,,דו אָ'ער יונג, טו אַ קוק סאַראַ פּנים דו האָסט,,. ,,דאָס אָ'ע קליידל — טו דיר אָן, ניט איך". "אין בּרייטן אָ'ן בּורנעס... טאַנצט איכער די גאַסן מלא ווולה", בּ. האַגער, איק, ר"ה תּשכ,,ז. ,,פֿעטערס וואָס טראָגן אָ'ע פֿראַקן,,, ש. מאַרגאָשעס, טמז, 20 ‎ 1966 III.
אָפּגעליטן — אַדי, פּאָר אָפּלײַדן ←. וואַרטז אַן אָ'ענער אויף אַ ישועה. "אויסדערציילן מײַנע אָ'ענע צרות,,, לאל, ווילנע 1887, ז, 84.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעלייגט — אַדי, פּאָר אָפּליינז ←.   אַן אָ'ער קאָלנער. אָ'ע לאַצן. אָ'ע שׂמחה. אָ'ע ספּראַווע. אָ'ע פּרעמיערע. אַ קלייד, אָ, אין פֿאַלדן. מיט אַן אָ'ן קראַגן. אָ'ע קאָרטן. בּרייטגעעפֿנטע אָ'ע טויערן. וואוינען אויף אַ שטילער אָ'ער גאַס. ז ײַ ן אָ, נאָר אויף גוטע, פֿרומע זאַכן. זײַן אָ, נאָר אויפֿן פֿרעס. אָ, קניפּל. אָ'ער נדן. אָ'ע אייעלעך אויף אַ בּלאַט קרויט.

,,אָ, איז ניט אָפּגעזאָגט,, □ ,,אָ, איז ניט
אָפּגענייגט,,; ,,אָ, איז אָנגעלייגט,,; ,,אַז אַ מיידל
פֿאַרזיצט, איז זי ווי אַן אָ'ע סחורה,,, שוו
״תּלמידי־חכמים און וועלט־חכמים וועלכע זײַנען
תּמיד אָ, אויף תּורה וחכמה,,, ר, יעקבֿ מדובנא,
משלי חכמה (דבֿרים), ווילנע תּר,,נ. ק□א. ,,
חולמועד־צײַט... איז אָ'... צו שטאָטישע זאַכן,,,
קמ, 21 1870, No. ,,דאָס דאָזיקע מין היטל
מיט דעם אָ'ן דאַשיק איז דערנאָך אָנגענומען
געוואָרן בכּל תּפֿוצות־ישׂראל,,, ממוס, שלמה.
□ זײַן גאַנצער רעיון איז אָ, נאָר צום לימוד
פֿון דאַמען־רעכט,,, אלפּס II, ווילנע 1901, ז, 17.
,,מע האָט זיי [די כּהנים און לויים] ניט
אײַנגעטיילט קיין לאַנד... זיי זאָלן קענען זײַן אָ,
נאָר אויף תּורה ועבודה,,, ר, אַברהס יצחק
פּרײַסקעל, שו״ב בווילקאמיר, עיקרי הדת,

1739

ווילנע 1908. ,,אַ יונגער סוחר... אין אַ
לענגלעכן ראָק, אין אַן אָ'ן קאָלנער און מיט אַ
האַרטן הוט אויפֿן קאָפּ״, ל שאפּיראָ, נאָוועלן
,,מסתּמא האַט מען שוין וועגן מוניען געזונגען

אין די זומפּן אדן אין אַלע אָ'ע וועלדלעך פֿון
ר״סן,,, מק, 'מוניע דער פֿייגל־הענדלער,.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעליידיקט — אדי, פּאָר אָפּליידיקן ←.
אָ'ע פּאָליצעס. אָנפֿילן די אָ'ע פלעצער. אָ'ע
גאַסן. דאָס אָ'ע געטאָ. ''דער מאַן זאָל געדענקען
די צ״ט פֿון ליכט בּענטשן און זאָל שוין
דענסטמאָל ז ״ ן אָ, פֿון ז״נע עסקים,,, איבּז
אַהרן לעווין, מקורי מנהגים ווילנע 1875.
,,מיר שפּאַנען איבּערן פֿר״ען, אָ'ן מאַרק,,, הל,
,יום־טובֿ דערמאָנונגען'. ,,האָט ער זיך
אַוועקגעזעצט אַ פֿאַרמאַטערטער, אַן אָ'ער,,, עליע
קאַהאַן, פֿאַרשידענע דערציילונגען, מינסק 1940.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעלייזט — אדי, פּאַר אָפּלייזן ←. דאָס
אָ'ע געלט ־ערהייט.

.

אָפּגעלייטערט — אַדי, פּאַר אָפּל״טערן ←.
--
אַן אָ'ער הימל. אַן אָ'ע נשמה. ,,איבּער אַלע
קר״טעך די גוט שמעקן, געבּרענט וואַסער אַז
ווי רויזן־וואַסער, קלאָר אָ', מאַכט מען איבּער
די וואַסערן אַזוי גוט בּרכה ווי איבּער די
קר״טעכצער,,, שלחן ערוך אורח חיים ויורה

דעה ומנהגים של כל השנה, לעמבערג, אָנהייב 19. י,,ה. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעליימט — אַדי, פּאָר אָפּליימען ←. מיט אַן אָ'ער רעכטער זײַט. ,,כאַפּ איך אויף זיך מיט אַן אָ'ע האַרץ", מאָל, חשונדיקע נעכט קללה ,,הענט (און פּיס) זאָלן דיר אָ, ווערן (זײַן)!,,. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעלייקנט — אַדי, פּאָר אָפּלייקענען ←. אָ'ע עדות־זאָגערײַען. ניט קיין אָ'ע פֿאַקטן. ,,אויב דו האָסט ווען ניט איז געהערט צום מין פֿון מענטש, איז אָ, גאָר די מענטשהייט,,, פּמ מלחמה II. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעליישט —. אדי, פּאַר אָפּליישן ←. אָ, נאָר פֿון אויבן. אָ'ע רוקנס פֿון ספֿרים. ,,מיט די אָ'ע פֿאָרמען פֿאָרנאַרט מען זיי תּחילת צו ייִדישקייט,,, קמ, 7 l866, No. ,,אָ'ע זינד פֿאַר מצוות געהאַלטן,,, פּרץ, ,שטעט און שטעטלעך'. ,,די מייסטע נגידים זענען נאָר אָ', זיי... קנײַפּן זיך די באַקן זיי זאָלן רויט זײַן,,, מ. מ.

אויזערקיס, דער פּריוואטלעהרער I, דראָהאָביטש 1898, ז, 79. ,,די דעכער פֿון די שטובן האָבן געבליאַסקעט אַזוי ווי אָ'ע מיט זון־גאָלד,,, א ראבאָי, אייגענע ערד ־קייט.

אָפּגעלינגען — אוטוו, דריטפּערזאָניק.

געלינגט אָפּ, ־.־,געלונגען. זיך איינגעבן.
אינגאַנצן זיך פֿאַרענדיקן מיט הצלחה. אַן עקספּערימענט וואָס געלינגט אָפּ. המצאָות, איינפֿאַלן געלינגען אָפּ. ,,אָפּנאַרן האָט דאָסמאָל ניט אָפּגעלונגען“.
אָפּגעלינ(י)עט — אַדי, פּאַר אָפּלינ(י)עז ←.
אָ'ע שקאַפּע. ־קייט — אָפּגעקראָכנקייט, אַן אָ,.

אָפּגעלעגן
אָפּגעלינידט — אדי, פּאָר אָפּלינירן ←.
אָ'ער העפֿט. אָ, בויגנס פּאַפּיר. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעליש(טש)עט — דזוו אָפּגעלושטשעט.
“מיט רויטע פּנימער, אָפּגעלישעט... פֿון דער זון, ווינט, רעגן און שניי,,, גרשון א־נבינדער, פֿון יענער זייט טייך, מאָסקווע 1930. ,,די אָפֿענע אויגן געווענדט צום אָפּגעלישטשעטן גרויען סופֿיט,,, ב. רעסלער, טמז, 1960 XI 12.
אָפּגעלן — טרוו. געל אָפּ, ־,געגעלט. מאַכן געל, אָפּפֿאַרבן אין געל. אָ, ווענט. אָ, די סטעזשקעס מיט זאַמד.
אָפּגעלעבט — אדי, פּאָר אָפּלעבן ←. אַלט

און אָ'. אַ בלאַס און אָ, פּנים. אָ'ע טעג, יאָרן.
אָ'ע פּאַרטיי, ריכטונג. אָ'ע אידייען. אָ'ער אופֿן
טאָן עפּעס. די אָ'ע כּוחות פֿון דעם ייִדישן
מאָלק = א) וואָס האָבן ניט מער קיין לעבן
אין זיך; ב) די אויפֿגעלעבסע. „פֿון תּשובֿה
ווערט די נשמה אָ, אַזוי ווי אַ גוף גשמי פֿון
טויט לעבעדיק“, פּוקח עורים, שקלאָוו 1832,
אות טו. „די ווײַבל וואָס האָט אים געוואָלט
נעמען מיט אים צוזאַמען האָבן געהאַט פֿון
דער אָ'ער פֿרוי אָפּגעריסענע יאָרן„, אמד,
דיא ליידיגע ווינצונגען, ווילנע 1868. „אַן
אָ, שטעטל: אין יוצא ואין בא“, פּרץ, 'די טויטע
שטאָט'. „אַלע אָ, געטער ווערן הייליק“, זשיט
יו, נ"י 1912. „מיט דער פֿריילעכער
פֿאַרשײַטקייט פֿון אַן אַ'ן בעל־עבֿירהניק„, חג צמח
אטלאַס II. —ערהייט. ־קייט.
אָפּגעלעבטס — דאָס. מצ נב. 1. אַלדאָס
וואָס זײַן צײַט איז שוין פֿאַרבײַ. סכום פֿון
אַלץ וואָס מע האָט איבערגעלעבט, דורכגעלעבט.
“מע זאָל ניט זאָגן דאָס זיי זײַנען אָנהענגער
פֿון אַלטס און אָ„„ גרשון מאיר באָיארסקי,
ר אין וואָשילקאָווא, גראָד, גוב„ די
פֿאָלשקייט פֿון דער כּפֿירה סיסטעם, פּיעטריקאָוו
1911. „צוזאַמען מיט אָ, האָט מען

אַרויסגעוואָרפֿן אייביקע נאַציאָנאַלע ווערטן“, נש

איבן, שד II ו.

אָפּגעלעגן — אַדי, פּאָר אָפּליגן ← [פֿרגל:

אָפּגעלייגט]. אין אַ קליין אָ, געסל. אַ זײַטיק,

אַן אָ אָרט. באַזוכן די אָ'סטע דערפֿער. וואוינען

,

-

אָ', ווײַט פֿון אַ יִישובֿ. אויף אַן אָ'ענער

באַןסטאַנציע. „ער זוכט אַלי אָפּ גילעגיני אורטיר

[= ערטער]„, גה, ז, 0 2. אָ'ענע עפּל. אַן

אָ'ענער אבֿר = וואָס מען איז אויף דעם

געלעגן בײַם שלאָפֿן. אַן אָ, ק ו ל = דומפּ, קלינגט

ניט. “אַז אַ מויד פֿאָרזיצט (אַז אַ מיידל

ווערט פֿאַרזעסן) איז זי אַן אָ'ענע סחורה“,

שוו. איזט איין שיף פֿון איין ווײַט אבֿ גלעגני

אינזעל אַן יקומז“, מעשׂה של ירושלמי [

הומבורג, 1711]. “תּרפּ„ט אַלפֿים מײַלן אָ, פֿון

אַנדערע מדינות“, פּרץ, 'צוויי וועגן, צוויי

משלים,. „געבונדענע לײַדנשאַפֿטן... טרייסלען

אויף אַלע אָ'ענע אומריינלעכקייטן„, דא, פֿון

בערלין ביז סאַן פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930.
„אַ קשיא פֿון תּוספֿות ערגעצוואו אין אַן אָ'ענער גמרא“, ייִט, פּוילן II. ־ערהייט.

אָפּגעלענט

־קייט — „ניט געקוקט אויף דער אָ, פֿון דער הויפּטבאַן־ליניע“, י זרובבל, טמז, 1965 י23 I.
אָפּגעלענט — אַדי, פּאָר אָפּלענען ←. מיט אַן אויפֿגעשטעלט אויער צו דער אַ ביסל אָ'ער טיר„ שמעון האָראָנטשיק, גאָטס משפּט,. אַן אָ, א ו י ג = וואָס קוקט פֿון אַ זײַט ־ער.
הייט. ־קייט.
אָפּגעלעקט — אַדי, פּאַר אָפּלעקן ←. זיך וואַרפֿן אויף עפּעס ווי אַ הונט אויף אַן אָ'ן ביין. אָ'ע וואונד. אָ'ער קוכן. אַן אָ'ער פּאַרשוין מיט גלאַט צוגעקאַמטע האָר. „דריקט פֿעסט די האַנט פֿונעם שלאַנקן, אָ'ן, שמייכלענדיקן סעקרעטאַר„ הערש לייב קאָזשעבער, קאַזיאָנע גימנאַזיע, טשערנאָוויץ 1927. „עס בלייכן זיך קאַלעכענע ווענט, אָ'ע פֿון דער לבֿנה„ פּמ, דור־אויס, דור־אײַן, ז, 86. — ווי

— אַזדי האָט דאָס קינד באַקומען אַ פֿאַרך?
ס'איז געווען אָ, פֿון אַ קעלבל [מוטערס
פֿאַרענטפֿערונג]. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעלעקלט — אדי, פּאָר אָפּלעקלען ←.
,,אַז אַ מענטש איז בײַ זיך אָ, און אָפּגעטעקלט,,,
נאָך
אָפּגעלערט — אדי, פּאַר אָפּלערן ←. פּר.
די אָ'ע גאַסן ־קייט.

.

אָפּגעלערנט — אדי, פּאָר אָפּלערנען ←.
פֿאַרהערן דאָס אָ'ע פֿאַר דער וואָך. אָ'ע
מידות. "... וואשׂ פֿון דעם אַלמין ווערט אָפּ
גלערנט צו גאָטשׂ דינסט", ר, אליהו הכהן,
שבֿט מוסר סדילקאָוו תקצ"ג. ,,דאָס איז אָ,
פֿון דער מעשׂה פֿון כּנימין...,,, תּנחומא,
בּראשית, וואַרשע תּרמ"ו, 201 ־ערהייט.

.

־קייט.
אָפּגעלצעוועט — [... לעצעוועט] אַדי, פּאַר
אָפּלצעווען ←. אָ'ער סימולאַנט. ,,עס וואַרפֿט
די צײַט פֿון דער געשיכטע דיך אַראָפּ אַן אָ'ן",
פּמ, ,צוריק אין הייל אַרײַן'. ־ערהייט.
אָסגעמאָגערט — אדי, פּאָר אָפּמאָגערן (זיר
.. אַן אָפֿגעצערטער, אַן אָ'ער. אָ'ע שקאַפֿע.

די מאַמע, אָ, און בלאַס. אַ שטאַרק אָ, פּנים.
,,ער האָט גענומען מײַן האַנט אין זײַנעביידע
קאַלטע אָ'ע הענט,,, יהל, די קאָלאָניסטן II,
וואַרשע 1899. ,,דער קראַנקער באַקומט היץ,
קאָפּווייטיק, ווערט שוואַך און אָ,,,, צש, פֿגעז,
ווילנע 11 1923' No. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעמאַט — אַדי, פּאָר אָפּמאַטן (זיך) ←.
אָ, גלאָז. ,,איך גיי זייער אַפּגעריסן... און
פֿונעם הונגער בין איך זייער אַ"", דער קרימער
מאַרשעליק, לעמבערג 1875, ז, 43. ,,האָבן
דעם לאַקיי, וואָס אָ, פֿון לויפֿן איז פֿון די
פֿיס געפֿאַלן, קיים ערשט פֿאַרהאַלטן"", קלמן
סוביל איבז, דאָקטאָר אלמאסאדאָ מיט ז־ן
טאָכטער, לובלין 1894.
אָפּגעמאַטערט — אדי, פּאָר אָפּמאַטערן (זיך)
.. אָ'ע פֿון דער אַרבעט, פֿון גיין אאזוו.
"... ציטערט און פֿלאַטערט, פֿון גרויסער

174()

קעלט אָ',,, עט, לידער. ,,מײַנע קאַבצאַנסקער
זענען שיִער ניט געפֿאַלן פֿון די פֿיס, אַזוי אָ,
זענען זיי געוועןי", ממוס, 'נשׂרפֿים'. ,,קערט
זיך ראָבינזאָן צו דעם שפּאַניער וועלכער אָ,

אויף דעם גראָז געלעגן איז״, ראָבינזאָן קראָזוע
דער יונגערער, וואַרשע 1874 ־ערהייט.

־קייט.
אָפּגעמאַכט — אַדי, פּאַר אָפּמאַכן ←. אָ'ע
פונקטן פֿון קאָנטראַקט. אָ'ע רייד. אַן אָ'ער
צייכן. „בײַ מיר איז געווען אָ, אײַנהאַלטן זיך
ווי ווײַט מעגלעך״, ממוס, ספֿר הבהמות „לא
מיט אַן אַלף, אָ, איז אָ׳״, ש הויכבוים, אַ יוד,
אַדעס תּר״ל, 1869. „ניט געפֿילט די
קינסטלעכע און אָ'ע אָדער נאָכגעמאַכטע איידלקייט„,
א. ל שווארצבודג, סיבירעך דערציילונגען
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמאַכט — געניצט ווי זוו.
פֿאַרענדיקט. אָפּגעשלאָסן. מע קען שוין קיין חרטה
ניט האָבן. ״זיי גיבן זיך די הענט — אָ'!״.
אָפּגעמאָלט — אדי, פּאַר אָפּמאָלן ←. פּפֿ:
~געמאָלן. אָ'ע קאַרטינקע. אָ'ע ווענט.
״ער זאָלט מיך אַלזאָ אב גימאלט צו איר
ברענגן, דא מיט ווען איך אין איר לאַנד קעמי
דש זיא מיט מעכט דר קענן״, יוסיפֿון, אַמשט
1661, נו. ״קען דאָך זײַן, זײַן טריפֿה פּרצוף
וועט זײַן פֿאָרנט פֿאַר דעם בוך אָ׳״, יפּ, ז, 3.
״מע זעט דאָרטן אָ, די מצרים ווי זיי זײַנען

געגאַנגען אָנגעקליידעט“, אמד, מסע מצרים, ווילנע תּרכ״ד. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמאָלן — אדי, פּאַר אָפּמאָלן II. פּפֿ: ~געמאָלט. אַ'ענע תּבֿואה. ־ערהייט. אַוועקפֿירן די תּבֿואה אָ'. ־קייט.

אָפּגעמאָלק — אדי, פּאַר אָפּמעלקז ←. פּפּ: ~געמעלקט. די אָ'ענע מילך. ־ער— הייט.

אָפּגעמאָנט — אדי, פּאָר אָפּמאָנען ←. אָ'ער חובֿ. „געגאַנגען איז דער טאַנק מיט בלוט און זון איבער דער אָ'ער ערד„, פּמ, מלחמה II. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמאָסטן — אדי, פּאָר אָפּמעסטן ←. גיין מיט לאַנגזאַמע אָ'ענע טריט. אָ'ענע און אָפּגעשניטענע סחורה. אָ'ענע ביינער = אָנ

געבראָכן (מיט אַ שטעקן). „אַלעס וואָס ער געניסט... אָפּגעוואויגן און אָ, אויף די וואָגשאָל פֿון די תּורה„, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לע ות II, הקדמה II. „ס'איז פֿון פֿריִער אָ, יעדער ווענד און טראָט“, יוסף ראָלניק, גש ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמאָרעט — אַדי, פּאָר אָפּמאָרען (זיך)

. ,,נאָך איר האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ
בלייך אָ, ייִנגעלע“, אצג, צווישן חור ות, ז, 98.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּ(גע)מאַרקירט — אַדי, פּאַר אָפּמאַרקירן
←. אָ'ע צילן. אָ'ע אָפּרו־שטעלן. ־
ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמסרט

אָפּגעמבלען — אוטוו ־בל אָפּ, ~געגעמבלט.
אַמ. 1. אויפֿהערן שפּילן אין אַן אַזאַרט־שפּיל,
אַלץ פֿאַרלירן און ערשט דערנאָך אָ, 2. שפּילן
אַ לענגערע צײַט. אָ אַ גאַנצע נאַכט אין
,
רולעטקע.
אָפּגעמוהט — [... מו אַכט] אַדי, פּאַר
אָפּי
מוחן ←. אָ'ע פּלענער, המצאָות. ־קייט.
אָפּגעמוטשעט — אַדי, פּאַר אָפּמוטשען ←.
אָ'ע אַרבעטער, עלטערן אאַזוו. אַ מידער, אַן
אָ'ער. אָ, ווי אַ קרעמער נאָך אַ גרויסן יריד.
אָ, פֿון יאָרן פֿאַרשיקונג. ,,צוריקגעקומען דער
זון פֿון די שדים זייער אָ', נחב, ,מעשׂה מחכם'.
ביסלעכווײַז האָט די אָפּמאַטערונג גובֿר געווען
דעם אָ'ן פֿון טרויער,,, ליפּמאַן־לעווין איבז,

דזשוזעפפא גאָריבאַלדי, פּעטערבורג 1905.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעמוסרט — [... מוסערט] אַדי, פּאַר
אָפּמסורן . אָ'ער זון. אָ'ע יונגאַטשעס.
־ערהייט. ־קייט.
אָסגעמהיצהט — [... מעכיצעט] אַדי פּאַר
אָפּמחיצהן'. דאָס אָ'ע ווײַבערשע בית־מדרשל.
,

,,עס זײַנען טאַקע דאָ מאָמענטן אין יעדער
גרויסער דראַמע, וואָס דאַרפֿן דעם תּיקון פֿון
געזאַנג, אָבער עס איז שטרענג צעטיילט...
אָפּגעגרענעצט און אָ'", מוק, טעאַטער און
אידיש טעאַטער
אָסגעמידט — אדי, פּאַר אָפּמידן (זיך) ←.
,,אויסרוען די אָ'ע ביינער,,, ייִפּאָל, 33 1885, No.
,,אַן אויסגערוטער... פֿון זײַנע גרויסע מי
וואָס ער איז אָ אַ גאַנצן טאָג,,, יצחק יחיאל
,
סאָנענזאָהן מעיר קאַרעליץ, דרך האדם ווילנע
1908. ,,דערציילן די שלאַפֿע קאַרליקלעך, די
אָ'ע שקלאַפֿן־אייניקלעך.. ", יהואָש, אַלטע
פּסוקים, נײַ פֿאַרטײַטשט'.

אָפּגעמידיקט — אַדי, פּאַר 'אָפּמידיקן'.
"עלעקטרישע קראַפֿט וועט זיך גיסן... און דערפֿרישן די אָפּגעמידיקטע האַנט", נאָד, די נײַסטע ווערק פֿון משה נאַדיר II, נ"י 1931, ז, 237.

אָפּגעמינ(ד)ערט — אַדי, פּאַר אָפּמינ(ד)ערן ←. אָ'ע מעגלעכקייטן צו לעבן. "דאָס אָפּגעמינדערטע, געזונדערטע אַרט פֿון ייִדנס וועגן", קלמן סוביל איבז, דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894.

אָפּגעמינטערט — אדי, פּאָר אָפּמינטערן ←. די אָ'ע, די אויפֿגעמונטערטע. "זײַנען פֿון אונדזערע ברידער פֿיל אָ, פֿוז חלשות", יעקבֿ סאָטמאן, עבֿרי אנכי, באַרדיטשעוו 1901 - ער.

הייט. -קייט.

אָפּגעמלאָכהט — אַדי, פּאַר אָפּמלאָכהן ←. אַ קונציק אָ, שטיקל אַרבעט. אַרויסוואַרפֿן דאָס אָ'ע -ערהייט -קייט.

. .

אָפּגעמסרט — [... געמאַסערט] אַדי, פּאַר אָפּמסרן ←. "אַן אָ'ער, ווייל ער זיך נאָך אַלץ אַרויסדרייען", -ערהייט.

אָפּגעמעלט

אָפּגעמעלט — אַדי, פּאַר אָפּמעלן ←. די אָ'ע נסיעה איבערן נגב. „אים דעם אבֿ גימעלטין יאָר שמ„ה...", ר, זלמן הענא איבֿז, צמח דוד, פּפֿדמ תּנ„ח. „אַז איין מענטש זאָל זיך לעבֿן... דעם פֿאַלשן לעבֿן דעם אָ'ן אין דעם פֿאַרשטעלטן לעבֿן...", יהושע רובֿינציק ממינסק, משל וחידה, ווילנע 1865. „וועסט דערזען אַ קאַלטע וועלט — דורך אין ווײַסן אָ„", אַר, 'די מוטער צום קינד'. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמעלק

לקן. „די אָ'ע מילך רוט שווער

ט — אַדי, פּאַר אָפּמעלקן ←.

פּפֿ. ־י־'געמאָ

אין הילצערנער כלי"", ע. פֿינינבֿערג איבֿז, מיכאַילע קאַציובֿינסקי, דערציילונגען, קיִעוו 1928. ־ערהייט. —קייט.

אָפּגעמענטשלט — אַדי, פּאַר אָפּמענטשלען (זיך) ←. די אָ'ע, די פֿאָטאָגראַפֿירטע בעת דער חתונה. ־ערהייט.

אָפּגעמעקט — אַדי, פּאַר אָפּמעקן ←. אָ'ע חרפּה. אַ שילד מיט אָ'ע אותיות. אָ'ע טריט. אָ'ע קהילות. „מײַן פֿרײַנד פֿון יענע אָ'ע גאַסן,

מײַן שותּף איצט צו יעדן צער,,, סעג איצטער, ז, 12. ,,וועט ער צום האַרצן צולייגן זײַן אָ'ע היים, זי מיטנעמען אין וועג און טראָגן אין זכּרון“, פּמ, מלחמה II. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמערקט — אַדי, פּאָר אָפּמערקן ←.
אָ'ע צייכנס. אָ'ער קרבּן. אָ'ע קאָרטן. אָ'ער יובּיליי. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעמצוּוהט — [... געמיצוועט] אַדי, פּאַר אָפּמצוּוהן'. וואָס די מצווה פֿון דעם איז

,
שוין אַוועק, איז שוין פֿאַרבּײַ. ,,ווען... די מצווה פֿון זיצן אין סוכּה ווערט בּטל, קלעטערט מען אַרויף מיט סכּנות־נפֿשות אויף די אָ'ע סוכּותלעך, מע וואַרפֿט אַראָפּ דעם גרינעם סכך, מע שלעפּט אים אַוועק מיט גרויס פּרסום צום ליובּאַוויטשער בּית־מדרש,,, זש, שקלאָווער קי◌דער, ז, 11.

אָפּגעמקלט — [... מאַקלט] אַדי, פּאָר אָפּמקלען ←. ,,דעם אָ'ן טוט נאָך איצט ווײ דער רוקן“. ,,חבֿרה האָבּן אים אַרויסגעלאָזן אַן אָ'ן, זײ האָבּן בּײַ אים אָפּגעוואונען דאָס גאַנצע געלט“ ־ערהייט.

.

אָפּגעמשפּט — [... מישפּעט] אַדי, פּאַר
אָפּמשפּטן ←. אַרויס אַ דערשלאָגענער, אַן
אָ'ער. ,,... ווי אַן אָ'ער וואָס הערט צו דאָס
לעצטע מאָל אַז מע וועט אים הענגען‟, אמד,
דיא אידען אין וואַרשויא, ווילנע תּר״ל. ־
ערהייט. ־קייט.
אָפּגענאָגט — אַדי, פּאָר אָפּנאָגן ←. אָ'ער
ביין. ־ערהייט. ־קייט.
אָסגענאָפּלט — אדי פּאַר 'אָפּנאָפּלען,. נעאָל.
באַפֿרײַט, אָפּגעטיילט, אָפּגעריסן פֿון נאָפּל.
,,אָ, פֿון זכרון,,, סוצ, 'אין פֿײַער־וואָגן'.
אָפּגענאַקעט — אַדי, פּאַר 'אָפּנאַקעטן'. נעאָל.
ניט־פֿאַרדעקט, ניט אַרומגעוויקלט. ,,די באָרד
-

1□41

איז אים אויפֿגעשטעלט, האַלדז און גאָרגל
אָפּגענאַקעט און די אויגן פֿאַרגלאַנצט‟, נס,
די מישפּאָכע מאַשבער, מאָסקווע 1939.
אָפּגענאַר — דער, ־ן. אָפּנאַרערײַ. דאָס
אָפּגענאַרט ווערן. אַ פֿאַרפֿירעניש, אַן אָ'. ,,וואָס
איז דען נאָך פֿאַר מיר געבליבן אַחוץ פֿון
אָ, דער זיג?, עק

אָסגענאַרט — אַדי, פּאָר אָפּנאַרן (זיך) ←.
אַן אָ'ער, אַ באַשווינדלטער. “דער מאַרק מיט...
זײַנע אָפּנאַרער און אָ'ע„, ממוס, קליאָטשע.
„די קלעפּ אַליין זײַנען נאָך ניט אַזוי
מסוכן... ווי דאָס וואָס מע בלײַבט אָ'„, שע,
פֿונ'ס יאַריד II. „אינאיינעם מיטן גראָז וואָס
איבער אים וועט וויגן זיך דאָס לעבן זײַנס דאָס
אָ'ע„, מלה, 'אַרלעקין'. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגענאַרטס — דאָס. מצ נב. פּר. (גוטמוטיק,
שפּאַסיק) פּאָרציע, חלק וואָס איז מער,
גרעסער ווי מע האָט זיך געריכט. „אונטערן
שטיקל פֿלייש נאָך אַ שטיקעלע — אַן אָ'“.
אָפּגענאַרן — טרוו. גענאַר אָפּ, ~גענאַרט.
פּר. דזוו אָפּנאַרן. „זי פֿאַרקויפֿט די נשמה,
די גנבטע. זי גענאַרט אַלע אָפּ“, אַמעריקאַנישע
גליקן, וואַרשע 1895. „היפּערן איבער דאָס
דאַווענען, מאַכן ניט קיין ברכה, גענאַרן אָפּ„,
אַש, גראָסמאַן און זון מיט ז י ך — „איך
אַליין האָב געזוכט אַ תּירוץ כאָטש זיך
אָפּצוגענאַרן“, ווײַס I □, 'ווי דער גורל פֿירט,.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אָפּגענאַשט — אַדי, פּאַר אָפּנאַשן ←. אָ'ער
פֿלאָדן. אָ'ע עבֿירה. ־ערהייט — אָ, ניט

וועלן מער עסן.
אָסגענאַשיוועט — אַדי, פּאַר אָפּנאַשיוועו ←.
אָ'ער וואָלענער פּאַס. אָ'ע, אַרויפֿגעניײטע כּרעגן
פֿון אַ קלייד.
אָפּגענדזלען זיך — אוטוו. ־דזל זיך אָפּ,
זיך ,געגענדזלט. 1. דריטפּערזאָניק. (
גוטמוטיק אָדער מיט בּיטול) מער ניט זיך (פֿאַר)־
וועלן. ,,נאָך דער מפּלה האָט אַן אשת־איש
אים זיך אָפּגעגענדזלט,,. 2. פֿאַרענדיקן
אויסזיצן גענדזעלעך פֿרן גענדזענע אייער.
אָפּגענומען — אדי, פּאַר אָפּנעמען ←. פּפּ:
,.גענעמען. געלט וואָס איז אָ, בּיז דער
לעצטער פּרוטה. אָ'ער פּאַק. דער אָ'ער גרוס.
אָ, פֿון דער וואָג. ליגן מיט אָ'ע הענט און
פֿיס. ליגן ווי אַן אָ'ער. בּלייַבּן שטיין אָן לשון,
ווי אַן אָ'ער. ,,האָט מען זי געפֿונען אונטער
אַ בּריק מיטן אָ'עם קינד,,, פֿמ. ,,צו אַן אָ'ע
צונג זאָל מען מישן טשערנישקעס מיט
אויגנזאַלץ און די צונג אָנרייַבּן“, תּעלה ארוכה,
לבוב 180. ,,איינע נעבּעך אַן אַלטע, אָ'ע פֿיס
און ליגט איבּעראַנאַנד,,, פּרץ, 'די טויטע
שטאָט,. ,,די געפֿרוירענע, אָ'ע הענט האָבּ איך
אַרײַנגעשטעקט צווישן מײַנע פֿיפֿ... זיי צו

דערוואַרעמען,,, י□ראל ראַבּאָן, 'אויפֿן פֿראָנט'.
אָ, וו ע ר ן — פּאַראַליזירט ווערן. קללות:

אָפּגעניצט

,,זאָל אים די צונג (דאָס לשון) אָ, ווערן,,,
,,הענט און פֿיס מעגן דיר אָ, ווערן,,, אע. ״עס
איז אָ, געוואָרן זײַן פֿרייילעכקייט, מיט זײַן
בּרען ווי מיט די הענט,,, שע, אידישע ראָמאַנען.
״האָט געציטערט, געפֿילט ווי הענט און פֿיס
ווערן בּײַ אים אָ,״, אָפּאַ, אין פּוילישע וועלדער.
,,ווען מע בּ□טאַפֿט מיט די טויטע, קאַלטע
הענט פֿון אַ מת, די קראַנקע ערטער אויפֿן לײַבּ,
ווערט בּאַלד די קרענק אָ, ווי מיט די הענט,,,
דטש, ווילנע. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגענוצט — אַדי, פּאַר אָפֿנוצן ←. דזוו
אָפֿגעניצט. אַן אָ'ע מאַשין, אויסזען אַלט און
אָ'. ״רודערס אָ'ע מיט די כוואַליעס שווימען״,
הר, געדיכטע און לידער ,,איך האָבּ אָנגעצויגן
מײַנע אַלטע, אָ'ע זעגל,,, חג, דער מענטש פֿון
פֿײַער. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעניגלט — אדי פּאָר אָפּניגלען ←. אַן
אָ'ער הויף. ניט גענוג וויסנשאַפֿטלעך אָ,. ,,
בּלזמן דער ליכטיקער אמת האָט דיר נישט

אַנטקעגן געשפּיגלט, איז געווען יעדער חסרון
פֿאַר אַ מעלה אָ'", זלמן סאָבעל מזאַמושטץ,
זווגים, וואַרשע 1874, ז, 32. „געקוקט אויפֿן
גאָרטן, אויף די אָ'ע פֿרוכטנכּיימער„, פּמ, דאָר
אויט — דאָר אײַן, כּאַרקאָוו 1929. „האָבן אין
אַזוינע היצן וואו אַוועקצולייגן ס'פּיצל אָ'ע
מאַרגאַרין„, בּ דעמבלין, צאַנקענדיקע ליכט,
נ„י 1958, ז, 286 פֿלעגן אַרויסגעבן מער אָ'ע
.„
פֿאָרמולירונגען„, מוו, היטלערס פּראָפֿעסאָרן,
ז, 23. ־ערהייט. —קייט.
אָפּגענידערט — אדי, פּאָר אָפּנידערן ←.
אָ'ע אַמטן. „מעשׂה גישאַך אַן איינם דער וואַר
אב גינידרט פֿון זײַן גוט אונ, וואַר גאַר אַרום
גיוואָרדן", מבּ, מעשׂה קמח. "דער קיניג...
ווערט אב גינידרט ווערדן פֿון זײַנם קיניגרײַך„,
יוסיפֿון, אָמשט 1661, עב. ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגענייגט — אדי, פּאַר אָפּנייגן ←. די
(ניט־)אָ'ע מסכּים צו זײַן. „אָפּגעלייגט איז ניט
אָ'„, שוו. „איך האָב מײַן מאַן פֿײַנט באַקומען,
איך בין אים געוואָרן אָפּגענייגט שוין פֿון דער
ערסטע שטונדע", אמד, פֿייגעלע ד□א עגונה,
ווילנע 1875, ז, 18. „אַזו איז דר מענש, אַלי

נאַכט איז עפּיס פֿון זײַן לעבן אכ גינייגט„,,

לט , קמט/ב. „די קריגס־פֿירנדע פֿעלקער זענען ניט אָ, אַוועקצוגעבן אונדז ארץ־ישׂראל“, זשיט IX, נ"י 1919, ז, 162. „איז קען מען אַזוי לײַכט אַריבערטרעטן צו יענער לויזער אָ'ער שעה„,, מל, ,בין איך פֿאַרלאָרן?'. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעניצט — אַדי, פּאָר אָפּניצן ←. פֿטמ און מער פֿאַרשפֿרייט ווי אָפּגענוצט. אָ'ער דאַמף. אָ'ע מאַטעריאַלן, מכשירים. „אַ בוך... רעכט אָ, און פֿאַרשמאָלצן“, אמד, דיא גײַסטער געשיכטען ווילנע 1871. „די קליידער נײַ און שימערירנדיק און דאָס פּנים אַלט און אָ', אר, אָן ליכע'. „פּעק נשמות. . קומען אָן צוריק

,

פֿאַרקריפּלט, אַלט און אָ'“, יהואָש, אַ הימלי,

-

אַפּגעניצעודעט

שער אײַנפֿאַל'. „פֿרישע, לעבעדיקע, ניט קײן
אָ'ע ווערטער„, שנ, קריטיק און קריטיקער
“מענטש פֿון איצטער, אָ'ער, ליג אויף דײַנע
וויסטע רוימען“, הל, אין טרעבלינקע.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעניצעוועט — אָדי, פּאַר אָפּניצעווען ←.
שטאַרק אָ'ע לאָזונגען. אָ'ע קליידער.
צונויפֿקויפֿן אָ'ע זאַכן. „די וואָכעדיקע מאַמע... מיט
דעם אָרעם אָ'ן טשיפּיק„, אַש, תּהילים־ייִד.
־ערהייט.

אָפּגעניקלט — אַדי, פּאַר אָפּניקלען ←. ד
אָ'ע טיילן פֿון דער מאַשין. „געזעסן בײַם
טעלעפֿאָן, אויפֿגעכאַפּט דעם קלענסטן רויש
וואָס דאָס אָ'ע מעטאַל האָט געשפּרייט איבער
דעם ליידיקן צימער„, אָפּאַ, 'בײַם טעלעפֿאָן'.

אָפּגע'נעצן — אוטוו. ־נעץ אָפּ, ~געגענעצט.
פֿאַרענדיקן גענעצן. “ער שפּרינגט אַרויס פֿון
בעט, קנאַקט אויס די פֿינגער, גענעצט
געשמאַק אָפּ“, אָפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנ,
ז, 117. „דער פֿאַרטאָג האָט זיך גענומען
צעעפֿענען, אָ, מיטן גאַנצן כלוילעכן אַרום„, זב
ליטקאָמיוג, קיִעוו 1933.

אָפּגעסאָכנ(י)עט — אַדי, פּאַר אָפּסאָכנ(י)ען

.. 🗆 אָ'ע צווײַגן. אַן אָ'ער, אָפּגעטריקנטער
שטאַם. ־ערהייט ־קייט.
.

אָפּגעסאַפּעט — אַדי, פּאַר אָפּסאַפּען ←.
,,אָ'ע, פֿאַרשוויצטע, זײַנען זיי געבליבן שטיין
אין דער אָפֿענער טיר", ב. דעמבלין צוויי און
אַ דריטער, נ"י 1943, ז, 26. ־ערהייט.
אָפּגעסאָרטירט — אַדי, פּאַר אָפּסאָרטירן ←.
,,גייען אָפּ די טראַנספּאָרטן פֿון די אָ'ע
קאַצעטלער,,, ישק, שליאַך און אומוועג, ז, 256.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעסטאַרטשעט — אַדי, פּאַר
אָפּסטאַרטשען .. 🗆 אָ'ער בויך. ,,האָט מען זיך
צוגעקוקט צו זײַן פּנים, צו זײַן אונטערשטער,
אָ'ער ליפּ...", פּאָל עזי איבז, פֿון פֿראַנצייזיש,
צדקה, לאָנדאָן 1903.
אָפּגעסטעמפּט — אַדי, פּאַר אָפּסטעמפּן ←.
אָ'ע קערנער. ,,די אַמען וואָס זייגן קינדער
זאָלן אָ'ן ווייץ, געזאָטן אין ציגנמילו, אָפֿט
עסן", תּעלה ארוכה, לבֿוב 1850.
אָפּגעסטעמפּלט — אַדי, פּאַר אָפּסטעמפּלען
←. פּפֿ: 🗆 ־,געשטעמפּלט. אָ'ע

דאָקומענטן. "מיט דעם גאַנצן... אָפּגלאַנץ פֿון צוויי... שויבן,,, ממוס, שלמה ־ערהייט
אָפּגעסטריוועט — אַדי, פּאָר אָפּסטריוען ←. אָ'ע, אַרומגעשאָרענע האָר. "ווער איך אַ פֿראַנצויז, דאָס בערדל אָ,, חאָבן מיך ביידע פֿײַנט, און מײַן ווײַב מיך גריזעט,,, גאָך, די אָרד ־ערהייט.
אָפּגעסטריגעוועט — אדי, פּאַר אָפֿסטריגעווען ←. אָ'ער אַרבל. אָ'ע מאַרינאַרקע. ־ערהייט.

1742

אָפּגעסיט(עוו)עט — אַדי, פּאַר אָפֿסיטע(ויע)ן ←. אָ ע, פֿעט געמאַכטע אָקסן. אָ, אויף דער אייבערשטער פּאָלע.
אָפּגעסימט — אַדי, <סיים? פֿעסט באַשלאָסן אײַנגעשטעלט אַזוי אַז מע קען עס מער ניט בײַטן. קלמן הײַזלער.
אָפּגעסילעט — אַדי, פּאַר אָפּסילען ←. אָ'ע שנירלעך קרעלן. —ערהייט.
אָפּגעסמאָדערט — אַדי פּאַר אָפּסמאָדערן ←. פּפֿ: ~געשמאָדערט. פֿאַרשמאָדערט.

פֿאַרבראַקירט, פֿאַרפֿעטסט. „קעסטניקעס אין אָ'ע סורדוטן... האָבן איבערגעגעבן ידיעות

ווען גרויסע געשעענישן אין לאַנד, טק, זעלמעניאַנער II, מינסק 1935, ז, 151. ־ערהייט.

אָפּגעסמאַל(י)עט — אַדי, פּאַר אָפּסמאַליען (זיך) ←. אַן אָ'ע הון. אָ'ער שטאַם פֿון בוים. אַרויסלויפֿן ווי אַן אָ'ע(ר). די אויערן — אָ, פֿון פֿראָסט. אַן אָ'ער פֿון דער זון. אַרויס אַן אָ'ער פֿון געשעפֿט, מיט אַ סך היזק. *ער איז שוין אַן אָ'ער = שוין געוואָרן אַן אַפּיקורס. „דאָ אַ שטיקל אָ„ דאָרט אַ שורה טויג אויף צרות“, פֿרוג I, 'דער הויפֿן ערד'. „דאָס שאָרכען פֿון די אָ'ע ביימער“, הל, 'דער וואָלף'.. „כמעט אַלע ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט זענען דאָ געקרמען אַ ביסל אָ„„ סעג, מײַנע זיבן יאָר אין תּל־אָביבֿ, ז, 196. ־ערהייט.

אָפּגעסמאָקעט — אַדי, פּאַר אָפּסמאָקען ←.

פּפֿ. י.,געשמאָצקעט, ~ געסמאָקטשעט, ~געסמאָצקעט, אאַ. וואָס פֿון דעם איז אָפּגעזויגן דער זאַפֿט. „ סאָלדאַטישע לעפֿל האָבן אַרומגעשווארמען איו זיי ווי אָ'ע און אויסגעשפּיגענע ביינער„, פּמ, דאָר אויס — דאָר אײַן, כאַרקאָוו 1929. ־ערהייט.

אָפּגעסמאָרעט — אַדי, פּאַר אָפּסמאָרען ←.
פּפֿ: ~געסמאָרקעט. אָפּגעשמירט מיט
שפּײַעכץ, פֿעטס, שנײַצעבץ אע. אין אַן אָ'ער
קאַפּאָטע. „אַ פּאָר אָ'ע הויזן, אויסגעריבענע
פֿון אונטן און אויסגעצויגן אין די קני„,
ז. װענדראָװ, די בּימה, װילנע 10 1925, No.
־ערהייט.
אָפּגעסמט — [... סאַמט] אַדי, פּאַר אָפּסמען
←. אָ'ע מײַז. אָ, אויף טויט. „דאָס
נעבּלדיקע בּיסל װיסן פֿלעגן די קינדער פֿון די
אַרבּעטער בּאַקומען איז אַ פֿאַרקריפּלטער, אָ'ער
פֿאָרעם“, איבּז בּ. קאָטיק, נ. ק. קרופּסקאַיאַ, די
פֿרוי אינעם לאַנד פֿון סאָציאַליזם, מאָסקװע
1940. „זיי טראָגן טויט די אָ'ע אויגן, זיי
טאָרן מער נישט אָנקוקן קיין קינד“, סעג,
איצטער, ז, 59. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעסקראָבּעט ---- אדי, פּאָר אָפּסקראָבּען
←. אָ'ע בּלאָטע. „איבּערן געלן, ריין אָ'ן
טיש...„, מ. גאָרקי, קינדער יאָרן I, מאָסקװע
1931. ־ערהייט.
אָפּגעסרהנט — [... סערכנט,.. ▯ סאַרכנט]
אַדי, פּאַר אָפּסרחנען ▯. אַן אָ'ער בּעטלער.

אָפּגעפּוצט

,,עס איז אים... אומעטיקער געוואָרן אַליין בײַ
דעם בלײַענעם וואַסער, צווישן די אָ'ע
פֿעלדער“, מק, זעלמעניאַנער I, מאָסקווע 1931,
ז, 109.
אָפּגעעיגולט — [... איגלט] אדי, פּאַר
אָפּעיגולן ←. ,,ליטעראַרישע שפּראַך...
פֿאַרשליסט זיך אין אַן אָ'ן סכום ווערטער,,, נפּ,
רעפֿעראַט אויף ייִוואָ־קאָנפֿערענץ', 1929.
אָפּגעענ(ט)פֿערט — אדי, פּאָר אָפּענ(ט)פֿערן
← אָ'ער בריוו. אָ'ע באַליידיקונג. ־
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעעקלט — אַדי, פּאַר אָפּעקלען ←. אַן
אָ, רעאַגירן. ,,בײַ אים איז רעכט צו ענדיקן
פֿלוצעם אין גײַסט פֿון אַ פֿאַרבייזטן אָ'ן
משׂכּיל“, בעמ I, ז, 129. ־קייט.
אָפּגעפּאַטשט — אדי, פּאַר אָפּפּאַטשן ←.
זיך פֿילן ווי אָ'. בלײַבן ווי אָ,. אָ'ער באַלעם.
,,... זי זאָל ח,,ו גיין אין שול אויבנאָן ווי
אָ', אָן ברילִיאַנטן־אוירינגען,... אָן
פֿינגערלעך,,, קמ, 2 1870, No. ־ערהייט.
אָפּגעפּאַטשקעט — אַדי, פּאַר אָפּפּאַטשקען
(זיך) ←. אָ'ע אַרכעט. אָ'ע בענק. ־
ערהייט.

אָפּגעפּאָליט'ורט — אדי, פּאַר אָפּפּאָליטורן
←. "מעבל אָ'ע מיט כאַפּוצערײַען,,, א רא
באָי, אייגענע ערד. ,,איז [דער טײַך] אַזוי גוט
גלאַט, גלאַט פּונקט ווי אָ',,, אי קיפּניס איבז,
אָסטאַפּ ווישניאַ, שמייכלען, כאַרקאָוו 1929.
אָפּגעפּאָלידט — אדי, פּאַר אָפּפּאָלירן ←.
אָ, מעבל. אָ'ע חפֿצים. אָ'ער ברילױאַנט. ,,
אָפּגעטאָקט, אָ', אָנגעקרײַזלט, ערשט פֿון
ביוטיפּאַרלאָר,,, פֿאָר, 1967 IX 17 ־ערהייט.
.
־קייט.
אָפּגעפּאַרעט — אַדי, פּאַר אָפּפּאַרען (זיך)
. אָ'ע מיט זוד. ,,איז אָפּגעשפּרונגען אָן
אַ זײַט מיט אַ קוויטש וו אַן אָ'ער הונט,,,
י

ע גאָרדאָן, צווישן אַזאָווער און שוואַרצן
מאָסקווע 1934. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשפּאַשעט — אַדי, פּאַר אָפּפּאַשען (זיך)
.. אָ'ע בהמה. אָ'ער אײדעם. ,,... אַ
גרויסער חילוק... פֿון אַ זאַטן און אָ'ו אָרגאַניזם
ביז אַן אויסגעדאַרטן און הונגעריקן,,, דר,
י. ליאקומאָוויטש, אינפֿעקציעזע קראַנקהייטן
און חאָלעראַ, פּעטערבורג 1907, ז, 8. "וואָס

זאָגט איר אויף די אָ'ע הינטנס ▯ זיי שטייט
ניט אָן...,,, ש ברעגמאַן, אַפּנ מיזרעכ איז
אומרואיק, מאָסקווע 1934. ־ערהייט.
־קייט.
אָפגעפוצט — אַדי, פּאַר אָפפּוצן (זיך) ←.
ריין אָ'. אָ'ע שטיוול. אָ'ע ליַכטער. אָ'ע
פּנימלעך. אָ'ער יאָלד. ,,אַזוי האָט מיר אויסגעוויזן
אָלץ ווי עפּעס אָ, און אָפגעפּולעס,,, אמד, החיים
הנצחיים, ווילנע 1857. ,,וועט אַכטונג געבן
עס זאָל זיַן ריין אָ',,, מעסtה פֿון הגאון בעל
המחבר., זשיטאָמיר 1874. ,,אַ ווייכער, אַ

אָפּגעפּוצקעט

געלאַסענער, אַן אָ'ער, מיט אַ געל־גרוילעך
זאַראָסטל אַרום די באַקן“, ב. דעמבלין, צוויי און
אַ דריטער, נ,,י 1943, ז, 52. ־ערהייט.
־קייט.
אָפגעפּוצקעט — אַדי, פּאַר אָפפּוצקען (זיך)
←. אָ'ע דאַמע. אָ, ווי חוהלע צום גט.
־ערהייט.
אָפגעפּטרט — [... פּאַטערט] אַדי, פּאָר
אָפּפּטרן ▯. דאָס אָ'ע דאַוו(ע)נען. נאָכן אָ'ן
מיליטער־דינסט. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפּלאָגט, ־פּלאַגט — אדי, פּאַר אָפּפּלאַגן (זיך), ~פּלאָגן (זיך) ←. דאָס אָ'ע לאַנד. „איז אָבער דאָס פֿאָלק אין יהודה שוין געווען מיד און אָ'“, ז. האַבער, באַאַרבעט, זכרונות לבית דוד, מאַרמאָרעש־סיגעט 1911. „די זון וועט זינקען, איך וועל ווידער וויסן / אַז איך בין אַליין אַן אָ'ער גוף„, אצג, פֿאַרנאַכטנגאָלד. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפּליוכעט — אַדי, פּאַר אָפּפּליוכעו ←.

אַנטלאָפֿן ווי אָ, מיט קאַלטן וואַסער“, מר I , ז, 100. “אומשולדיקע פֿאַרבײַגייער, אָ, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס„, ה מאראַט, אידן אין די באַלטישע מלוכות, ריגע 1928. ־ערהייט.

אָפּגעפּלעפֿט — אַדי, פּאַר אָפּפּלעפֿן ←.

„יעטווידער איז היינט אָ', ווײַל דער שווינדל שטייט אין פֿאַסאָן„, מ. של .פֿשטיין, דער באַנקראָט, וואַרשע 1884, ז, 11. ־ערהייט.

אָפּגעפּסלט — [... פּאַסלט] אַדי, פּאַר אָפּפּסלען ←. אָ'ע מזוזות. „בײַ די חסידים בין איך שוין געווען אָ'„, פּ רודאָי, טמז, 1963 2. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפּסקנט — [... פּאַסקנט] אַדי, פּאַר אָפּפּסקנען ←. פּפֿ ~געפּסקעט. פֿאַרלירן

דעם חן, זײַן אַן אָ'ער. ער איז בײַ מיר אַן אָ'ער. אָ'ע הלבות. ,,אַלע פּראָפֿעסיעס וואָלטן דאָך געווען כּעסער אַלס אַן אָ'ער ייִדישער מחבר,,, ייִל, [שטערן, מינסק 9 1939, No.]
,,דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אָפּגעפּסקעט בײַ די אומות־העולם מחמת דעם, ווײַל עס האָט אָ פּנים ווי אַ רוח,,, ממוס, אַ סגולה -
ער ..
הייט.

אָפּגעפּעטשאַטעוועט — אַדי, פּאָר
אָפּפּעטשאַטעווען ←. "אפֿשר ווילט איר אַן אָפּמאַך, אָפּגעחתמעט און אָ, אין אופּראַווע ,,, ש. סיימאָן, וואָרצלען, 1956, ז, 289.
אָפּגעפּראַצעוועט — אַ י, פּאָר
אָפּפּראַצעווען ←. אָן אָ, לעבן. אָ'ע יאָרן. -ערהייט.

אָפּגעפּראָשעט — אַדי, פּאַר אָפּפּראָשען ←.
אָ'ער שטויבּ. אָ'ע רעפּוטאַציע. -ערהייט.
אָפּגעפּרוזשינעוועט — אַזי, פּאַר '
אָפּפּרוזשינעווען,. דורכגענומען מיט אַ פּרוזשינע. ,,די וואָס זײַנען געפֿאָרן אויפֿן שליטן

האָבן געפֿילט ווי זיי שנײַדן די אָ'ע פֿון גלאָז,

ווינטערדיקע לופֿט„ כ. דונעץ איבֿז, זמיטראָק
ביאַדוליאַ, דער סאָלאָוויי, מינסק 1929.
אָפּגעפּרוווט — אַדי, פּאַר אָפּפּרוּוון ←.
אָ'ער בראַנפֿן▯ ־ערהייט.
אָפּגעפּרייעט — אדי, פּאַר אָפּפּרייען ←.
אָ'ע פֿיס וואָס שטינקען. „מענטשן האָבן זיך
אַ לאָז געטאָן, האָט געזומען שמעקן מיט
שווייס, רימען אָ'ן געוואַנט“, סיראָטינער איבֿז,
נ. נאַקאַריאַקאָוו, פּעטקע דער אדטיראַל, מינסק
.1931
אָפּגעפּרעגלט — אַדי, פּאַר אָפּפֿרעגלען ←.
אָ'ע פֿיש. אָ'ע קאָטלעטן. “ער קויפֿט זיך ווידער
עסן, דאָסמאָל שוין אָ'ן הערינג מיט ברויט“,
ש. ברעגמאן, ניאָמקע שוואַרץ, קיִעוו 1935.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעפּרעסט — אדי, פּאַר אָפּפּרעסן ←.
אָ'ע הויזן. „באַרואיק זיך... די זאַך איז נאָך
ניט אָ, בײַ מיר“, י. בודזאָהן, אַ מעע)ה פֿון
אַ רבֿ. , ווילנע l927. „ער קושט זיך מיט
איר, גלעט אירע שוואַרצע אָ'ע האָר„, ט.
בורשטין, גורל, ז, 5. „דער טובֿ המעורבֿ ברע
איז טובֿ גמור, טובֿ מוחלט, אָ'ער טובֿ„, לדבֿ,

נ,,י 1957, פֿז. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפּרעפּלט — אדי, פּאַר אָפּפּרעפּלען ←.
אַן אָ'ער על־חטא. אָ'ע ווע⃞טער פֿון דאַנקשאַפֿט. ־ערהייט.

אָפּגעפֿאָדערט ווערן — געווײנטלעד:
אויפֿגעפֿאָדערט ווערן. ,,מוהר,,ר שמעון אבֿ,,ד און ראָש־ישיבֿה צו פּראָג איזט אָ, וואָרדן אין דער ישיבֿה־של מעלה" [איידלסטער אויסדרוק וועגן שטאַרבֿן], ר, שלמה זלמן הענא איבֿז, צמח דוד, פֿפֿדמ תנ,,ח, לו/ב.

אָפּ(גע)פֿאָטאָגראַפֿירט — אַדי, פּאַר אָפּפֿאָטאָגראַפֿירן ←. די אָ'ע פּאַנאָראַמע. אַן אָ'ע משפּחה ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעפֿאַלן — אַדי, פּאַר אָפּפֿאַלן ←. אָ'ענע בלעטער. אַן אָ, שטעטל. די אַפּיקורסים, די אָ'ענע. אָ'ענער טינק. מלל פֿאַרטײַטשט 'ופֿרט כּרמך, (ויקרא, יט, 10): ,,די אָפּ גיפֿאַלני בעהרן,, [תּי: ,,דאָס אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון דײַן ווײַנגאָרטן,,]. ,,דער נאָך האָט ער זײַן אַלקוראַן גשריבֿן דאָרך דיא הילף פֿון איין מינך דער איין אבֿ גפֿאַלינר נוצרי וואַר", שאַר, אַמ⃞)ט 1743, נד. ,,יודא מכּבּי... ער זוכט אַלי רשעים אויך דיא אבֿ גיפֿאַלני יהודים, דיא ליז ער

אַלי אום בּרענגן“, ספֿר יהודית וספֿר יודא מכּבּי, אַמסtט תּקכ,,א, ח/ב. ,,גייט אויפֿקלײַבּן די אָ'ענע צווײַגן פֿון די בּיימער (פֿאַלהאָלץ),,, אמד, יהודית דיא צווייטע, ווילנע 1875. ,,מיר זײַנעז שוין געוואוינט, אָ'ענע בּרידער, פּוסטע טענות צו הערן,,, אַלצ, קליין וועלטל לאַנדאָז 1894, ז, 19. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעסאַרבּט — אַדי, פּאַר אָפּפֿאַרבּן ←. פּפֿ:

~געפֿאָרבּן. פֿריש אָ'ע האָר, פֿאַרפּוצטע, אָ'ע דאַמען. ,,אָ שיין הילצערן שווערדל אויף תּשעה־בּאָבֿ, אָ, מיט שוואַרצע אָגדעס“, ממוס,

י

אָפּגעפֿײַלט

י

ווינטשפֿ. ,,די פֿאָן פֿון דיזער פֿאַמיליע איז

רבילות, אָ, איז זי מיט בזיונות“, ט. קאַמינסקי,
א בּ אַגראַפֿיע פֿון אַ י)ראָל־קלען, קיִעוו 1913.
י

,,מענטשן שוועבן ווי די שאָטנס, גרוי די גאַסן
אָפּגעפֿאָרבן,,, סעג, קאַפּריזן, ז, 52. ־
ערהייט. ־קייט.

אָפּגעסאַרטיקט — אַדי, פּאַר אָפּפֿאַרטיקן ←.
אָ'ע באַשטעלונג. ,,ווען מע האָט... געזאָגט אַז
ער גייט, איז ער שוין געווען אַן אָ'ער“, יג,
טמז 28 l964 X. ־ערהייט.

אָפּגעסאָרן — אַדי, פּאַר אָפּפֿאָרן ←. שוין
אַן עובֿר־בטל, אַן אָ'ענער. אַן אָ'ענער דײַטש
אין אָ'ענע שטיוול. אָן אָ,, שטאַרק צעקנייטשט
היטל. אָ'ענער נאַר. אָ'ענער מהלך. די אָ'ענע
פּריצה. ,,אָ זאָרגבאַנק... וואָס אויף איר זיצן
אויס... די אָ'ענע סלוזשיטעלעס,,, מ. דלוגאַטש,
קמ, 48 1870, No. ,,אינאיינעם מיט... אָ'ענע,
כּלומרשט נאָך דער מאָדע געניטע קליידלעך,,,
ממוס, ווינטשפֿ. ,,באַלד נאָכדעם האָט מושע די
אָ'ענע שיינקייט אויפֿגעהערט צו גיין צום
דאָקטער“, אַש, ב״.ם דניעפּער, ווילנע 1939, ז, 228.
,,אַ מאַשין אַן אָ'ענע, אַ צעטרייסלטע... האָט
געכריפּעט, געפֿײַפֿט, געפּאָכעט מיט דאַמף,,, דאָס
לאַנד דאַרף קענען זײַנע העלדן, זבֿ
צונויפֿגעשטעלט אָקש, מאָסקווע 1932. ,,געפּוצט די
שטובֿ, פֿאַרגלעט און פֿאַרשמירט דעם דלות
וואָס האָט זיך געקלעפּט צום אָ'ענעם מעבל,,,
ייִז, דערציילונגען. ־ערהייט. ־קייט —
,,אין די ערגסטע צײַטן פֿון זײַן אָ,,,, זש, קיסר
און רבי II, 'ציקאָ,, ז, 174.
אָפּגעפֿוילט — אדי, פּאַר אָפּפֿוילן ←. אָ'ער
שטאַם פֿון בוים. ,,ס'ערשטע שטיקל האַלב־אָ'ע
קלעצל וואָס ער האָט גענומען אַרײַנזעצן אין
באָדן,,, ב. דעמבלין, וועסט סײַד, זאַמלביכער II,

נ,,י 1933, ז, 79. ־ערהייט. ־קייט.

-

אָפּגעסוישט — אַדי, פּאַר אָפּפֿוישן,. לאָקל

,

(לאָדזש). דורכגענעצט, אין אָן אָ'ער קעלערשטובּ.

אָפּגעפֿונען — אַדי, פּאַר אָפּגעפֿינען ←. די אָ'ע אַבֿידה. דער אָ'ער פֿעטער פֿון אַמעריקע. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפֿורעמט — אַדי, פּאַר אָפּפֿורעמען ←. אָ'ע סטאַטועטקעס. אָ'ע ווערטער־שאַפֿונג. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפֿידלט — דזוו אויסגעשפּילט, נאָר עמ.. פֿאַטישער (און מיט גוטמוטיקן באַדויערן). דער אָ'ער פֿעטער.

אפּגעפֿיילט — אַדי, פּאַר אָפּפֿײַלן ←. אָ'ע

-

נעגל. אָ'ער עסיי. ,,די וואַנס הינטערן בוידעמפֿענצטער אַ ציגלנע, אַלע ציגל אָ, גלאַט,,, מ. מייעראָוויטש, ראַכמיעל דער נאַכט־שוימער,

כאַרקאָוו 1925. „זיך געהיצט, גלעטנדיק מיט
דער האַנט דעם אָ'ן פליך“, הערשל ווינאָקור,
אין אופֿקום, מאָסקווע 1932. ־ערהייט.
־קייט.

-

אָפּגעפּײַנט

-

אָפּגעסיַ􏰀ט — אַדי, פֿאַר אָפּפּײַנען זיך ←.
י

„... א מענטשן וואָס איז בײַ זיך אַן אָ'ער,
וואָס בײַ יעדער נישטיקייט פֿילט ער זיך און
זײַן כּבֿוד געטראָפֿן„, דר, י􏰀ראל 􏰀פֿורמאַן,
ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאָרטן, ת„אָ
1968. אָ'ע, דעליקאַטע מענטשן􏰀 „האַלט ניט
דײַן גוף בײַ זיך 􏰀ייִער אָ„ שעץ דיך אַליין
בעסער, פּראָסטער“, מ“א בײלינסאָן איבּז, רבּינו

אַשר, ארחות חיים, אַדעס 1898. ,,ער איז שוין
אַן אָ, מענטשל, אַ לאַלקע. זײַן שטאָט איז
אין דער שפּיגל־וואַנט, דאָרט אין קלויז צווישן
דעם רעבטן צימעס‟, טמוס, ,די אַלטע מעשׂה'.
,,שכנים האָבן זי גערו פֿן ,די אָ'ע זאַך'. מע
האָט געוואוסט אַז אין אירע אָדערן רינט רבניש
בלוט,,, ירחמיאל גרין, באַרג־ייִדן, וואַרשע
1938. ,,ער שטייט מיר אויסערלעך פֿאַר די
אויגן גלאַטיק און אָ', מיט אַ בערדל פֿון
זײַדענע האָר,,, מ. גראָס־צימערמאַן, גק, 44.
—קייט.
אָפּגעפֿייערט — אַדי, פּאָר אָפּפֿײַערן ←.
-
אָ'ע יום־טובֿים. אָ'ער יובֿילײ. ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעפֿילטרירט —. אדי, פּאַר אָפּפֿילטרירן
←. אָ, וואַסער. אַן אָ, לשון. ‟פֿון דער אָ'ער
פֿליסיקייט טריפֿט אָן אַ פּאָר טראָפּן אויף
אַ ריין שטיקל גלאָז,,, י. בורט אַנסקי, דאָס
געוויקס, קיִעוו 1929. ־קייט.

▯

אָפּגעסינען — טרוו. ־פֿין אָפּ, ~געפֿונען.

1. געפֿינען וואָס עס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אָ, די שליסלען וואָס מע האָט געהאַט פֿאַרלאָרן אין הויף. „איך האָב אָפּגעפֿונען וואָס איך האָב אָנגעוואָרן„.. „אַ פֿרײַנד האָט אים אָפּגעפֿונען אין אייראָפּע און מיטגעטיילט די עלטערן„„ פֿאָר, 9 1961 X. „ער האָט גאָרניט אָפּגעפֿונען און גאָרניט פֿאַרלוירן“, מענדל מאַן, אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף.

2. געפֿינען נאָך אַ לענגערן זוכן. אָ, אַ וואויללערנער פֿאַר דעם רבס עלטסטער טאָכטער. „אָ, די באַהעפֿטונג־פֿעדעם מיט דער סאָצ אַליסטישער בויאונג“, כ. דונעץ, אַפֿ לײַ

טעראַרישע טעמעס, מינסק 1934. „שווער איז אָ, דאָס שלעכטס וואָס איז אַרײַנגעוואָקסן אין גוטס“, חג, צמח אַטלאַס I.

מיט ז י ך — קומען צו זיך, זיך באַטראַכטן. אָ, זיך נאָך אַן אינעווייניקסטן קאַמף. ־עכץ. —עניש. ־ער (—ין, ־קע). ־ערײַ.

-

אָפּגעסינעריש — אַדי. וואָס איז ווי בײַ

עמעצן וואָס האָט אַ טבֿע אָפּצוגעפֿינען. מיט

אָ'ער סיסטעמאַטישקייט. אַן אָ'ע המצאָה ־קייט.

.

-

אָפּגעפֿינצטערט — אַ י, פֿאַר אָפּפֿינצטערן

←. אָ'ע יוגנט. —ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפֿינקלט — אדי, פֿאַר אָפּפֿינקלען ←.

אָ'ע בלעכלעך, זשעטאָנען. „אָ, מיט גרוי און

זילבער ווי קאָרע פֿון אַן אָסינע־בוים„, חג, צמח

אטלאַס II. ־קייט.

אָסגעפֿירט — אַדי, פֿאַר אָפּפֿירן ←. די

אַלע אָ'ע אַהיים. אָ'ער מאָגן ־ערהייט.

.

אָפּגעפֿלאָסן — אדי, פּאָר אָפּפֿליסן ←. אָ, וואַסער. „געהערט האָבן זיך אָפּקלאַנגען אין יעדן קלאַנג פֿון אָ'ענע יאָרהונדערטן“ פּמ, מלחמה I, ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפֿלויגן — אדי, פּאַר אָפּפֿליִען ←.

אָ'ענ בושלען. אָ'ענע עראָפּלאַנען. אָ'ענע יאָרן. „געטראַכט וועגן מײַן אָ'ענער קינדהייט“, סוצ, פּאָעטישע ווערק, ז, 34. אָ, וו ע ר ן — “מען ווערט פֿון דער וועלט אָ, אַזוי גער ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן“, געליא בת ר, משה ז“ל פּערסיץ, חשבון הנפֿש, אָרט ?, יאָר ? [ז, 5].

אָפּגעפֿלייצט — אַדי, פּאַר אָפּפֿלייצן ←. אָ'ע וואַסערן. “אָ'ע פֿנימער פֿון טעג,,, סוצ, סיביר. —ערהייט. ־קייט.

אָפּגעפֿליקט — אדי, פּאַר אָפּפֿליקן ←. אַרויס אַן אָ'ער, אינגאַנצן נקי, אַלץ אָנגעוואָרן. אָ, ווי אַ האָן (הון). אַן אָ'ער האָן. אַרויסגיין (אַרויסקומען) אָ, אויף לײַטיש געלעכטער. אַן אָ'ער בוים, אַן אָ'ע מדינה. אָ'ע הויזן. „אָ, די רויז, נאָר איר אָטעם שוועבט“, פּרץ. „זאָלסט ניט זינדיקן מיט דער נאָז און ריח, וואָרעם טאָמער וועסטו זײַן אָ, פֿון אַלץ דאָס גוטס“, משה בר, נתן נטע איבז, שבֿט מוסר, סדילקאָוו

תּקצ"ג. „מע טאָר ניט ענטפֿערן קיין אָמן קטופֿה, אָמן קטופֿה הייסט אָ, ווערן, זײַנע טעג אָ'„, ר, נחום זק"ש מטעלז, לקוטי תּורת אָמן, ווילנע 1906. "יונגערהייט זײַט איר אָ'... פֿון דער וועלט, ניט צו געניסן פֿון איר גוטס", בּ. א זאַביעזענסקי, די שווערע

 ײַט I, וואַרשע 1887, ז, 44. „דאָס יונגע מיידל וועלקט דאָ אָפּ איר מײַ, אָ, פֿון לעבּן", אר, ,די יונגע קרעמערין'. „צו דײַן שלאַנקן פֿרס וועט ליגן אָ, די ריינע יוגנט־בּלאַט", דא, אַ חופּה־ליד,. קללה. „אָ, זאָל ער ווערן!".

,
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעסעט — אדי, פּאָר אָפּפֿעטן ←. פּפֿ:

~געפֿעצט. „די שײַבּלעך [פֿון די לאַמטערנעס] זײַנען ניט געווען פֿון גלאָז, נאָר פֿון אָ, פּאַפּיר„, ירחמיאל גרין, בּאַרג־ייִדן, וואַרשע 1938.

אָפּגעפֿראָרן, ־פֿרוירן — אַדי, פּאַר
אָפּפֿרירן (זיך) ←. אָ'ענער פֿוס. „דאָס איידעלע
ייִדישע האַרץ... איז דאָך בײַ אים שוין אָ'“.
„ווײַטער דאַרף מען מאַסירן די אָ'ענע טיילן“,
פֿגעז, ווילנע 1 1929' No. גייט דער פֿראָסט
אין נײַע שטיוול, מיט אַן אָ'ענער נאָז“, יוסף
ראָלניק, גש ערהייט. ־קייט.
.

אָסגעסרישט — אַדי, פּאַר אָפּפֿרישן (זיך)
←. אַן אָ'ער פֿון ווינט. אַן אָ, פּלעצל. אָ'ע
ווענט. אָ'ע באַציאונגען. „די אַ'ע אַסימילאַציע,
צוגעפּאַסט צו דער רעוואָלוציאָנערער
באַוועגונג“, [בונד], אַווטאָנאָמיע אָדער
פֿעדעראציע, לאָנדאָן 1903. „ווײַסלעכע שטעקעלעך
פֿון דער סעלערי, אָ, מיט וואַסער“, ברוך
גלאַזמאן, שטיינוועבס, מאָסקווע 1925. „די נײַ־
געבאָרענע אָדער ווידער־אָ'ע קולטור...,„ זשיט II,

נ„י 1912, ז, 261. „ער קומט אַהיים צוריק

אָפּ עצאַ קעט

אַן אָ'ער„, מוק מײַנע באַגעגענישן II, ז, 41.
־ערהייט. ־קייט.

אָסגעסרישטיקט — אדי, פּאָר אָפּפֿרישטיקן.
„אַן אָ'ער, כאָטש נאָך ניט זאַט איז ..
ער אין הינער־הויף אַרײַן מיט שטאַט„, אַלף
כּץ, חלוס עליכם, ז, 77.

אָסגעסרעגט — אדי, פּאַר אָפּפֿרעגן ←.
זײַן מאָראַליש אָ'. זײַן אָ, כּײַ אַלע ישיבֿה־לײַט.
„אַ נגיד, קומט אויס נאָך זײַן משוגענעם שׂכל,
איז אָ, און אַ קבצן — אַ גאַנצער צימעס“, שע,
טביה „הײַנטיקע צײַטן זײַנען טרערן אָ',„

ה אָרלאַנד, הרעכּליעס, כאַרקאָוו 1931. „אין
אַזאַ צײַט, ווען דער רבֿ־בּאַרוף בּכלל און
אומעטום איז געשלאָגן און אָ',„ נס,
קאָרבאָנעס, מאָסקווע 1943. „... איז שוין אַ
בּרדעת... אָבער דאָך איז חסידות און חסידים
אָ'“, לדבֿ, נ״י תּשי״ז, ז, 378. „ער איז בּײַ
זײַנע חבֿרים אָ', קיינער פֿון זיי איז ניט אַרײַן
אים מ◻קר חולה זײַן,„ חג, צמח אַטלאס I.
־ערהייט. ־קייט.

◻

אָפּגעסרעמדט — אדי, פּאַר אָפּפֿרעמדן (זיך)
←. אָ'ער קרובֿ. אָ'ע ייִדן וואָס ווילן ניט
קיין ייִדישע קולטור. „דער יונגער דור ווערט
אַלץ אָ'ער“, חג, ◻מח אַטלאַס I. „דאָס גאַנצע
לערנען... אַזוי אָ, פֿון אַלצדינג,„ קאָר II,
ז, 16. „אַן אומכּאַקאַנטער מענטש, עפּעט איז
אין אים דאָ פֿײַערלעכס — אָ'ס“, א סטעלמאַך,
אַפֿ דאָרעם־אוראל, מאָסקווע 1947. ־
ערהייט. ־קייט.

אָפּגעסרעסן — אַדי, פּאַר אָפּפֿרעסן ←.

אָ'ענע מאָרדע אָ'ענער יונגאַטש. ־ערהייט.

־קייט. "אַזאַ זאַטקייט, אַזאַ אָ', אַזאַ זעלבסטצופֿרידנקייט...", ברוך גלאזמאַן, שטיינוועבס, מאָסקווע 1925.

אָפּגעצאָגן — אַנשטאָט: אָפּגעצוואָגן, לאָקל, מעזריטש.

אָפּגעצאָלט — אַדי, פּאַר אָפּצאָלו ←. אָ'ער חוב. ס'איז אַלץ אָ'ע זאַכן. „טעלעגראַמעס מיט אָ'ע ענפֿערס„, פּה, פֿון וו טע לענדער. „איר מעגט מיר גלייבן אַז ס'ועט זײַן אָ'„, ממוס, 'בישיבֿה של מטה'. „ס'וועט זיי צודעקן די אָ'ע ערד פֿון בית־הקבֿרות", חג, דער מענטש פֿון פֿײַער, ז, 26. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעצאַמט — אַדי, פּאָר אָפּצאַמען (זיך) ←.

אויך: ~געצאָמט. פּפּ ~געצוימט.

אָ'ע און באַוואַכטע אוצרות. אָט דאָ, אין אָ'ן עיגול. "... צו דעם האָטעל, אייגנטלעך אַ שטאַל מיט אָ'ע שטעלכעלעך„, פּה, פֿון וו.טע לענדער. „ עשטאַנען דאָך דער שטול אין אָ'ן

אָרט, אָט בײַ דער שאָטן־וואַנט“, אַל I ,אין גאונס
קלויז'. ־ערהייט. ־קייט — ,,ניטאָ
קיין אָ, צווישן דער ליטעראַטור און די
מקורות אין לעבן פֿון וועלכע זי שטראָמט אַרויס,,,
מאָל, איך, 23 1948 ▯ I.

אָפּגעצאַצקעט — אַדי, פּאָר אָפּצאַצקען ←.
אָ, שטיק מעבל. אַן אויסגעסטראָנצלטע, אַן
אָ'ע מיידל. ־ערהייט.

אָפּגעצוואָגן

אָפּגעצוואָגן — אַדי, פּאַר אָפּצוואָגן ←.
אָ'ענע קעפּלעך. בלײַכן שטיין ווי אַן אָ'ענע(ר).
אויסזען ווי אַן אָ'ענע קאַץ. אַן אָ'ענע(ר) פֿון
גאָס־רעגן. אַן אָפּגענאַרטער, אַן אָ'ענער. ,,די
שטיינער זײַנען געווען ווי אָ',,, רעד, גרשס
באדער, יודישער פֿאָלקסקאַלענדאַר, לעמבערג
תּרע,,א. ,,אַן אָ'ענע אַן אויסגעקעמטע, אין אַ
נײַ סיצן קליידל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ כלה,,,
אַש, תּהילים־ייִד. ,,בײַ פויערים זײַנען נאַסע,
אָ'ענע בערד“, י. פֿאַליקמאַן, צווישן סאָפּקעס,
באַרדיטשעוו 1937 ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעצוויטעט — אדי, פּאַר אָפּצוויטען ←.
"מיטן... ריח פֿון דער נאָר וואָס אָ'ער בוזינע,,,
שע, פֿונ'ם יאַריד II. ,,פֿאַרשיידענע געל־ און
גרינבלעך־אָ'ע גראָזן", נאָטע לוריע, דער
לעצטער אינדיווידואַל, קיִעוו 1939.
אָפּגעצויגן — אַדי, פּאָר אָפּציִען ←. אַ דאַרער,
אַן אָ'ענער. די אָ'ענע הוצאָות. אַן אָ'ענע
אַרבעט. אָ, מיט אַ העלער פֿאַרב. גלאַטיק
אָ'ענע האָר. אָ'ענער אַרעסטאַנט. אָ'ענע פֿון
גשמיות. ,,פֿאַראַן אַן אויסגוס, אָ, פֿון ים־סוף,
אַזוי ווי אַ לאַנגע האַנט", א. מאלקאָוו, ספֿר
דרך אמת, וואַרשע 1894. ,,איר געזיכט ווערט
בלאַסער, אָ'ענער,,, ווײַס I, 'דאָס לעבן'. ,,די
אַרבעט אויף די לעצטע אָ'ענע גראַנקעס,,,
בערג, באַם דניעפּער II. ,,אין אַן אָ'ענעם
באַוולנעם זעקעלע האָט זי געטראָגן עטלעכע עפּל,,,
י. פֿאָליקמאַן, אָנהייב פֿרילינג, לוואָוו 1940.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעצוימט — אַדי, פּאַר אָפּצוימען ←. פּפּֿ:
~געצאַמט. ,,ביידע העלפֿט האַרץ... אָ,
מיט אַ ווענטל אויף צוויי טיילן,,, ד־ מאָרדווין,
די לעהרע פֿון לעבען, בערלין תּרנ,,ח. ,,אַ גרויס
שטיק פֿעלד, שוין אָ, אַרום מיט אײַנגעזעצטע
אייקאַליפּטוס־ביימער", אַש, דאָס געזאַנג פֿון

טאָל פֿון דער צווייטער זייט פֿון אַטעליע

,,
וואָס איז אונטער אַ דין אָ'ער וואַנט,,, ייִז, ,אין דער פֿינצטער'. ,,ער האָט געזען אַן אָ'ן עיגול פֿונעם טויט“, פּמ, מלחמה II. ,,מײַן גאַנג איז אָ', מײַן וועג איז אויסגעמאָסטן,,, האַל, מײַן אוצר. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעצופּט — אדי, פּאָר אָפּצופּן ←. אָ'ע פּירות. “די רייפֿעלעך זײַנען געוועזן אויפֿגעצילעוועט ווי די קראָגן־קאַפּן בײַ אַן אָ'ן האָן,,, אָפּאַ, די טענצערין. ,,אַן עסעדיקער ווינט האַט זיך געשליפֿן צווישן די אָ'ע צווײַגן פֿונעם שולסאָד,,, אַבֿרהם קאַהאן, די גאָלדענע ראָסע קיִעוו 1935. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעצוקערט — אַדי, פּאַר אָפּצוקערן. ,,אַ גלאָז שטאַרק אָפּגעצוקערטן טיי,,, ייִט, פּוילן II, ז, 99. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעציטערט — אַדי, פּאַר אָפּציטערן ←. וואָס מע ציטערט איבער דעם. דאָס אָ'ע ייִדישע וואָרט. קליינע אָ'ע מיידעלעך. ,,זעסט דאָרט מענטשן? האָבן זיי בײַ מיר אַ פּנים ווי אָ'ע, אומשולדיקע קינדער,,, רעד, גרשס באַדער, יודישער פֿאָלקסקאלענדאַר, לעמבערג תרע,,א.

,,וויפֿל שׂרהקעס האָבּן מיר אינגאַנצן? איין אָ,
קינד...,,, אָפּאַ, אַליין. ,,זי, דאָס רײַכע אָ'ע
טעכטערל, האָט גאָר געהערט צו די רויטע,,,
בּ. דעמבּלין, צאָנקענדיקע ליכט, נ,,י 1958, ז, 82.
־קייט.
אָפּגעצייכנט — אַדי, פּאַר אָפּצייכענען ←.
אָ'ער יאָרטאָג. אַן אַרויסגעשטעלטער, אַן אָ'ער.
,,דײַנע טעג זײַנען אָ',,, איבּז, נועס המוסר,
ווילנע 1863. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעציילט — אַדי, פּאָר אָפּציילן ← אָ'ער
נדן. אָ'ע שמיץ. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעצייקלט — אַדי, פּאַר אָפּצײַקלען זיך
--
←. פּפֿ: ~געצײַגלט. וואָס האָט געהאַט
הינטעלעך אָדער וועלפֿעלעך. ,,האָט זיך פֿונעם
ווילדגראָז אויפֿגעהויבּן אַן אָ'ע וועלפֿיכע,,,
א. סטרעליץ איבּז, מ. שאָלאָכאָוו,
אויפֿגעאקערטע ערד, מאָסקווע 1937.
אָפּגעצילט — אַדי, פּאַר אָפּצילן (זיך) ←.
פּד דזוו אָנגעצילט. וואָס האָט פֿאַר זיך
אַ ציל. אַן אָ, א ו י ג = וואָס היט עפּעס.
,,שטייט שוין די מאַמע נאָך פֿון פֿריִער מיט

אַן אָ, אויג,,, וו□־ס II, 'איבערגאַנג'.
אָפּגעצימבלט — אדי, פּאָר אַפּצימבלעז ←.
אַן אָ'ער, אַראָפּ פֿון מאַרק. אָ'ע חתונה.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעצינק(עווע)ט — אדי, פּאָר
אָפּצינק(עוו)ען ←. אָ'ער קעסל. "הינטער אַן
אָפּגעצינקטן וואַליער־געפֿלעכט האָבן אין פּאַרק
געלעבט... געפֿלעקטע הירשן,,, איבז, וול.
לידין, גרויסער אָדער שטילער, מינסק 1936.
אָפּגעצירקלט — אַדי, פּאַר אָפּצירקלען ←.
,,זײַן געזיכט וואַר זאָ ווי אָ',,, ל. □ ינקלשטיין,
פּון לאָנדאָן קיין אינדיע, וואַרשע 1895, ז, 10.
,,אָפּגעגרענעצטע, אָ'ע פֿרײַהייטן,,, ימ איבז,
ייִנגל און מיידל, ריגע 1929.
אָפּגעצערט — אַדי, פּאָר אָפּצערן (זיך) ←.
אָ'ע ביזן ביין. ,,ער גאַנץ פֿאַר מאגירט אונ,
אָפּ גיצערט איזט,,, גה, ז, 280. ,,מײַן קינד
איז אָ, פֿון זאָרג,,, לאל, ווילנע 1844, ז, 60.
,,זיי וואַרן פֿאַרהונגערט און אַזוי אָ, דאָס זיי
ווי טויטע אויסגעזען האָבן", ראַבינזאָן קראוזע,
דער יונגערער, וואַרשע 1874. ,,קיינמאָל איז
זײַן פּנים נישט געווען אַזוי אָ, און דערשלאָגן,,,
יהושע פערלע, 'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי',. ,,וואָס
זעט איר אויס אַזוי שלעכט, אַזוי מאָגער, אַזוי

אַ'?, חובֿבֿ, איין נײַע מעטאָדע.. , ווילנע 1881.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעצקע — די, ־ס. וורר פֿיגורל פֿון אַ
.
געץ. אַ געצקע. אויך: יעדער מין צלמל. ,,ס□אי,
סתּם מיאוס רײַך ווערן פֿון אָ'ס,,.
אָפּגעקאָטערט — אַדי, פּאָר אָפּקאָטערן ←.
אויסזען אָ', פֿאַרקבֿצנט, פֿאַראָרעמט. ,,אַן אָ'ע,
מאַכט זי אַ פּנימל אַז זי ווייסט ניט מיט וואָס
מען עסט עס,,. אַן אָ'ער יאַנקע־משה. ,,קוקט
נאָר אָן דעם דאַרן פֿאַרשימלטן קנויט, דעם

אָפּגעקאָפּירט

שוואַרצן אָ'ן בּ[ע]ריש,,, □.. דיא ווײַבערישע
קניפּלעך, וואַרשע 1882.
אָפּגעקאָכט — אַדי, פּאַר אָפּקאָכן (זיך) ←.
אַוועק אַן אָ'ער ווי מיט זודיק וואַסער. ער איז
אַן אָ'ער, אין גרויס סכּנה. אַן אָ'ער, אַ
פֿאַרליבטער. אָ'ע קאַרטאָפֿל, (אַרבּעס, אינגבּערלעך
אאזוו). ,,אַז אַ ייִד מיינט אַז ער איז פֿאַרטיק —
איז ער אַן אָ'ער,,, ר, מענדל קאָצקער. ,,מאַכן
אַ ויברח? קען מיך דאָס געריכט אונטערזוכן,
בּין איך חוץ בּושה אַן אָ'ער ווי אַ בּיין אין

באָרשט,,, ב זילבערמאַן, אַהבֿת דוד ויהונתן, קעשענעוו 1885, ז, 44. ,,ווען דאשׂ עסין גאַנץ אבּ גיקאָכט ווער אונ עשׂ ווער נאָך וואַרים — איז מותּר צו שטעלן פֿון ווײַטן בײַא דאשׂ פֿײַאר“, לט1, עד/א. ,,עס טוט מיך אינעווייניק פלוצעם עפּעס אַ פּיק [פֿון יצר־הרע] און בלײַב ליגן עפּעס ווי אָ,,,, ממוס, ספֿר הבהמו [, ז, 53. “כאַפּט זיך טאַקע שמערל האָלצהעקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אַן אָ'ער, אָן אָטעם“, פרץ פֿאָלקסט, געשיכטן ־ערהייט ־קייט.

, . .

אָפּגעקאַלויצעט — אדי, פּאַר אָפּקאַלויצען ←. “... דורכצופֿילטרירן די אָ'ע פֿליסיקייט,,, יאכ II, ז, 56. ־ערהייט.

אָפּגעקאַלופּעט — אדי, פּאַר אָפּקאַלופּען ←. אָ'ע קאָרע. ,,רויטע צונגען [פֿײַער] האָבן זיך געריסן פֿון אַלע זײַטן און האָבן באַלויכטן דעם... דאַך מיט די אָ'ע ווענט“, שע, אַלט־נײַ כּתרילעווקע. ,,די גרינע פֿאַרב איז אָ, און מע זעט אַרויס דאָס געלע האָלץ,,, אַנע סטעלמאַך, אפֿ דאָרעמ־אדראַל, מאָסקווע 1947 ־ ער.

הייט.

אָפּגעקאָלירט — אדי, פּאָר אָפּקאָלירן ←.

אָ'ע פּאַסן פּאַפּיר. „אַ טייל ווענט פֿון די
הײַזלעך וועלכע זענען ווײַס געווען אָ'“, אַש,
טויט־אורטייל. —ערהייט. ־קייט.
אָפּגעקאַלכט — אַדי, פּאַר אָפּקאַלכן ←.
אָ'ע ווענט. „אויפֿן זאַמדיקן וועג... זענען
געווען צעוואָרפֿן לײַוונטענע געצעלטן ווי אָ'ע
בינשטאָקן„, אָפּא, 'אַרום דער מדבר פֿון
אַריזאָנאַ'. „עס האָט געבלאַנקט דער טיש און
דער אָ'ער אויוון“, שירע גאָרשמאַן, דער קויאַך
פֿון לעבן, מאָסקווע 1948. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעקאָסעט — אדי, פּאַר אָפּקאָסען ←.
אויך: ~געקאָסיעט, ~געקאָשעט.
אָ'ע לאָנקע. "האָט ער געהייסן די אָ'ע גראָז
צוזאַמענלייגן אין איין הויפֿן אין דעם מיטן
פֿון דעם אָ'ן פּלאַץ„, אמד, דיא דר . א לאַנגע
ווינטער נעכט, וואַרשע 1863. „אַן אויסרוימעניש
זאָל אויף דיר קומען .ט דעם טרײַפֿניאַק,
מיט דער אָפּגעקאָשעטער באָרד„, לייב
פּימסענשטיין, תּיקון לייבאלע, לעמבערג 1894,
ז, 30. „נידעריקער פֿון אָפּגעקאָשעטן היי“,
ש. סײַמאָן, צווײַגן. ־ערהייט.
אָפּגעקאָפּירט — אדי, פּאָר אָפּקאָפּירן ←.
אָ'ער עקזעמפּלאַר. „פֿרעמדע מוסטערן אָ'ע“,
נס, הויפּטשטעט, כאַרקאָוו 1934. ־ערהייט.

־קייט.

אָפּגעקאַרגט

אָפּגעקאַרגט — אַדי, פֿאַר אָפּקאַרגן ←.
„זיי האָבן געמאָנט דעם אָפּגעלייגטן, אָ'ן גראָשן... פֿאַר שלעכטע צײַטן„, כלאוונע קאַגאן, אויפֿן טײַך, וואַרשע 1935. „דיר מיט דאַרע דערנער צאָלן פֿאַר די אָ'ע בלומען“, יהואָש, 'ישׂמח בחור בילדותך'. „נאָר ניט ווי אָ'ע קוואַלן, — ווי יונגע ניט־געניצטע זונען אַנטקעגן וועלן זיי מיר קומען„, יוסף ראָלניק, 'צום שטערן נויד'. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעקאָרמעט — אַדי, פֿאַר אָפּקאָרמען (זיך) ◻. אָ'ע בהמות. „זײַנען דאָרטן געלעגן שוין כמה הונדערטע דוקאַטן, געזונטע און אָ'ע„, אמד, דער רענדיל, ווילנע 1867. „אַ הונט וואָס קען זיך בייגן און פֿאַלן כּורעים פֿאַר אָ'ע חזירים„, ווינטש, גוו I ◻, ז, 24. „דער אָ'ער פֿאַרסאָפּעטער בעל־הבית פֿון קינאָ...“, קולטור און בילדונג, מאָסקווע 1913, No 15־16. „אַן אָ'ער מענטש מיט געלע וואָנצן, מיט אַ גראָבער מאָרדע...„, נ קאַבאַקאָוו איבז, זומפּ, מינסק 1936. ־ערהייט.

־קייט.

אָפּגעקובּרעוועט — אַדי, פּאָר אָפּקובּרעווען ←. "גאַז וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון אַן אָ, פֿלעשל בּיר, ווײַן, סאָדעוואַסער אאַ", ע איזראַ, פֿון פֿעלד צום טיש, קיִעוו 1928, ז, 26.

אָפּגעקוועטשט — אדי, פּאַר אָפּקוועטשן ←. אָ'ער זאַפֿט. אָ'ער גראָשן. אָ'ער גוז, בּײַל. „לויפֿט דער סוחרל אויף אַלע פֿיר, / און קערט זיך אום וואָיענדיק צו מיר / מיט אַ בּײַל אויף אַן אָ'ן פֿוס", מלה, לידער I, נ„י 1934, ז, 236. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעקוילט — אדי, פּאָר אָפּקוילן (זיך) ←. „דאָס אָ'ע שטרויעלע פֿון בּאַמבּוק האָט לענגער געבּרענט פֿון אַנדערע קוילענע פֿעדעם„, בּ. זשיטקאָוו, עלעקטריע אינדערהיים, קיִעוו 1930.

אָפּגעקוילעט — אַדי פּאַר אָפּקוילען ←. אָ'ע הענער. אַן אָ'ער אָן אַ מעסער ־ער.

הייט.

-

אָפּגעקויסט — אַדי, פּאַר אָפּקויפֿן ←. אָ'ע מטלטלין. אָ'ער בראַוואָ־פּאַטשער. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעקומען — אדי, פּאָר אָפּקומען ←. אַן אָ'ער, אַן אויסגעמאָגערטער. אָ'ע תּפֿיסה־שטראָף. „כּעסער אַן אויפֿגעקומענער גבֿיר איידער אַן אָ'ער עוֹשר,„; „וואָס עס פֿאַרוואַלגערט זיר בײַ אַן אָ'עם גבֿיר אין אַן ווינקעלע וועט איר ניט געפֿינען בײַ אַן אויפֿגעקומענעם קכּצן אויבֿנאָן אין שטובֿ,„; „אַן אָ'ער גבֿיר איז נאָך אַלץ מער ווערט ווי אַן אויפֿגעקומענער אָרעמאַן“, שוו „אָ'ע נעכעך וואָס שעמען זיך אָנשטעלן די האַנט,„ ממוס, שלמה „איר זײַט שוין אַן אָ'ער אויף דע'ר וועלט, איר דאַרפֿט זיך שוין פֿאַר דעם מלאך־המות ניט שרעקן,„ אָפּ„ס, גרונעלע דיא רעבעצין, ווילנע 1874. „אַז דאָס שיף איז אַרויס פֿון האַוור, האָבּן אויף אים געדינט 14 מאַטראָסן... אומגעקערט האָבּן זיך מער ןישט ווי 9. אַנשטאָט די אָ'ע מאַטראָסן

1,▯6

האָט מען געדונגען...,„ זבֿ, דער

פֿאָלקספֿרוינד רעד, דורך הלל וויכנין, ווילנע תּרס,,א.
,,אַז צביהן... עסט זיך אײַן דאָס אַלטע אָ'ע
לעבן, הערט זי אויף צו עסן,,, בערג, 'דער
טויבע□'. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעקופּלט — אַדי, פּאַר 'אָפּקופּלען, ←.
אָפּגעשלאָסן. ,,כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף אין אַן
אָפּגעקופּלטן וואַגאָן, וועלכער האָט זיך
טעלעפּעט די גאַנצע גייענדיקע נאַכט", אצג, אויף
דער ערד, וואַרשע 1923, ז, 90.
אָפּגעקוצעט — אדי, פּאַר 'אָפּקוצען, ←.
אַרומגעשאָרן. אָפּגעקירצט. ,,... צו קומען אין
שטיבל מיט אַן אָ, בערדל,,, פּנחס ביזבערג,
שבת־יוס־טובדיקע ייִדן.
אָפּגעקטנט — [... קאַטנט] אַדי, פּאַר '
אָפּקטנען, ←. לאָקל (קרוין־פּוילן). אָפּגעשמדט.
אָפּגעשווענטשעט. ,,דער גלח האָט אָ, דעם
ממזר".
אָפּגעקייטלט — אַדי, פּאַר אָפּקייטלען ←.
אָ'ע טירלעך. זי איז געזעסן מיט איר טאָכטער
אין די אָ'ע צימערלעך,,, אָפּאַ, 'נאַקעטע פֿיס'.
,,דאָס נעמט מען אַרום עטלעכע קוואַרטאַלן
מיט אַ קייט — מע וועט... זוכן אין אַלע אָ'ע
הויפֿן", בערג, באַס דניעפּער II. ־ערהייט.
אָפּגעקילט — אַדי, פּאָר אָפּקילן ←. די אָ'ע

לופּט. אָ, פֿון קרענקלעכע פֿאַנטאַזיעס. אַן אָ, האַרץ. אָ'ע זופּ. אָ'ע באַציאונגען. „מע טאָר ניט באַקן מצה אין דעם טאָג וואָס מע האָט געבײַטלט די ווייץ, נאָר די מעל מוז אָ, ווערן איין מעת־לעת,„ ר, זאבֿ וואָלף גראָדזינסקי חו־ת מצה, וואַרשע 1872. „אויף דער אָ'ער לאַווע וואוינט מען ווידער,„ אַל II, צום לאַנדסמאַן'. „ער איז צו איר געוואָרן נאָך אָ'ער“, חג, צמח אַטלאַס I, „יעדע שיינקייט זאָל איצט ווערן שענער, אָ'ער אַש — אַ נײַ געבֿורט,„ סוצ, פּאָעטישע ווערק I, ז, 44. אויך: געשטאָרבֿן, לאָקל (שעדליעך). ־ערהייט — „אָ, קען זי שוין אין זיך ניט אײַנהאַלטן אַזוי פֿיל וואַסער־פּאַרע,„ חי“ה זעלדעס, ווינטער אבֿענדען, וואַרשע תּרנ“ח. ־קייט — „אַ פּלוצלינגע אָ, האָט אָפּגעגאָסן די לופּט,„ אָקרוטני, טמז, 11 ־ 1953 I.

אָפּגעקירצט — אַדי, פּאַר אָפּקירצן ←. אָ'ע הויזן. אָ'ער וועג. אָ'ער אופֿן דערציילן. אָ'ע אַרבעט־צײַט —ערהייט —קייט.

. .

אָפּגעקלאָגט — אַדי, פּאָר אָפּקלאָגן ←. „אַן אָ'ער, איז ער צוריקגעקומען אַהיים געזונט און גאַנץ,„ „... זינקען אײַן אין תּהום פֿון

אָפּגעשאָלטענע און אָ'ע ווערטער,,, הל, □ איובֿ
ליגט אויף האַרטער ערד'. ־ערהייט.
אָפּגעקלאַפּט — אַדי, פּאַר אָפּקלאַפּן ←.
אַוועק אַן אָ'ער, אַן אָפּגעשמיסענער. אַן
עובֿרבטל, אַן אָ'ע הושענא. אָ'ע וואַנט. אָ'ער באַלעם.
בלאָטיקע, אַ'ע טרעפּ. ,,זיי זײַנען ניט
באַגלייבט צו זאָגן אַז דאָס איז פֿון אָ'ע זיתים",
זרעים, כד/א. ,,אינדערפֿרי... נאָך דער

ער□
אָפּגעקעמפּט

שטער אָ'ער טאַנקען־אַטאַקע,,, י. פֿאָליקמאַן, די
ש□.נ קומט פֿונ מיזרעכ, מאָסקווע 1948. ־
ערהייט. ־קייט.
אָסגעקלונגען — אַדי, פּאָר אָפּקלינגען ←.
אָ□ענער פֿאַטש. אָ'ע מוזיק. ־ערהייט.
־קייט — ,,קיינער ווייס שוין ניט פֿון אים.
ער איז איצט סך־הכּל אַן אָ',,.
אָפּגעקליבן — אַדי, פּאָר אָפּקלײַבן ←.
אָ'ענע תּלמידים. אָ'ענע זידלערײַען. אָ'ענער
מאַטעריאַל. ,,איין טאָג איז פֿאַר [די רשעים] אָ',
אַלע ערבֿ שבת,,, ספֿר ישרי לבֿ, ווילנא והורדנא

תקע״ט, לא/א. „נעם אַ פֿונט גאַנץ שיינע אָ'ענע... פּאָמעראַנץ־שיילעך...", איין ביכל וואסt דרינן גיפֿנט זיך זאַכין טשיקאַווי, שקלאָוו תּקנ"ה. „דער קאַמף גייט אָן... אַלץ מיט הײַפֿלעך אָ'ענע", אַל III, ז, 48. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעקליגלט — אַדי, פּאַר ,אָפּקליגלען'.
וואָס איז כּלומרשט קלוג, וואָס איז מיט המצאָהלעך. „אַז מיר הערן פֿילאָזאָפֿישע אָ'ע שמועסן, ווען זיי אונדז אָפּשטויסן", הרבֿ משה חיים לויא, אבד״ק פּרעשוב, אונזער ווידוי, לובלין 1934.

אָפּגעקלייעט — אַדי, פּאָר אָפּקלייען (זיך) ←.
„עס שפּילט זיך דער ווינט מיט אַן אָ'ן עק פֿון אַ פּלאַקאַט", מאָטיע דעכטיאר, בויער, מינסק 1936. ־ערהייט.

אָפּגעקלערט — אַדי, פּאַר אָפּקלערן ←.
טאָן אַלץ כּיטרע אָ'. אָ'ער ווײַן. „אָ ייִד אַ בעלהבית, אַ פֿעסטער, אַן אָ'ער, אַ געשטעלטער", פֿישל שניאורסאָן, קאַראַהאָד, ווילנע 1928.
„קיין שום געטראַכטס, קיין שום געטראַכטער אינהאַלט פֿון דענקען איז ניט דענקבאַר אַפֿילו אין דער אָ'ער פֿאָרעם פֿון דער וויסנשאַפֿט", דר, אַ״רהם זוהל, ייִבל X. „דיכטער וואָס

ווערן שעפֿעריש געבוירן אָ'ע און באַרואיקטע,,,
ש ביקל, שרײַבער פֿון מײַן דור I. -
ערהייט. -קייט.

אָפּגעקנאַקט — אדי, פּאַר אָפּקנאַקן ←.
אָ'ע שאָסן. ,,צוזאַמען מיטן מערן זיך פֿון
זײַן פֿאַרמעגן, אָט אַשטייגער דער בלויער אָ'ער
טשײַניק וואָס ער האָט נאָר וואָס געפֿונען...,,,
3 דעמבלין, ווענסט סײַד, זאַמלביכער II, נ,,י
1937, ז, 84. אָ'ע קאַפּיטלעך תּהילים. -
ערהייט.

אָפּגעקניפּלט — אַדי, פּאָר אָפּקניפּלען (זיך)
.. אָ'ער פֿאָדעם. אַן אָ'ער פֿון זײַנע
לאַנדסלײַט. ''איצט איז ער אינגאַנצן אָ, פֿון
די קאַמוניסטן,,, מוק, מײַנע באַגעגענישן I,
ז, 193. -ערהייט.

אָסגעקעלבט — אדי, פּאָר אָפּקעלבן זיך ←.
אַן ערשט אַ'ע בהמה.

אָפּגעקעמסט — אַדי, פּאַר אָפּקעמפֿן ←.
די אָ'ע פֿרײַהייטן. ''אויף ניט קיין גרויסן פּלאַץ

אינעם אָ'ן דערפֿל האָט מען געבראַכט צו

אָפּגעקעסטלט

ק〫ורה די געפֿאַלענע", י. פֿאַליקמאַן, מענטשן
פֿון מײַן לאַנד, מאָסקווע 1945.
אָפּגעקעסטלט — אַדי, פּאַר אָפּקעסטלען ←.
„האָבן זיך פּלוצלינג געוויזן אָ'ע שטרעקעס
גרינס,,, י. ר〫.ד, פֿאָר, 1962 XII 21.
אָפּגעקעצלט — אדי, פּאַר אָפּקעצלען זיך ←.
די קאַץ איז שוין אַן אָ'ע.
אָפּגעקערט — אַדי, פּאַר אָפּקערן (זיך) ←.
אָ'ע פּאָדלאָגע. אַן אָ'ער פֿון שלעכטס. אַ
ווידערשפּעניקער און אָ'ער דור. אָ'ער קאָפּ. „דא
זאַך ער [גאָט] דז אַלי זײַן אב גקערט מיט
אַננדר", סהמ תּהלים, יד, 3. „זייא האָבין
גיגעבין איין אָפּ גיקערטן אַקין [= נאַקן], כּלומר
זייאה האבין זיך אַוועק גיקערט פֿון גאָט",
משה בר, נתּן נטע איבז, שבט מוסר, סדילקאָוו
תּקצ„ג. „„כּפֿרה סוררה, (הושע, ד, 16) — זאָגט
דער פסוק: גלײַך ווי איינע אָ'ע קו — אָבער
ניט: איינע אָ'ע קו,,, נפֿתּלי שרגא פֿייגענזאָהן,
מדרש איכה ובֿיאור דרכי ציון, והוא העתּקה
בּלש ון יהודית אשכּנזית (עבֿרי דײַטש), ווילנע

1876. "מיט שטויב איז זי באַשטויבט
פֿאַר,

וואָרפֿן'... פֿאַרטריבן און אָ',,, סליחות, לוב
לין תרע"ד, ז, 181. ־ערהייט. ־קייט —
,,הינטער דער דאָזיקער כלומרשט
אינדיווידואַליסטישער אָ, פֿון סדר", ש ביקל, טמז, 1954
.I 3

אָפּגעקראָכן — אדי, פּאַר אָפּקריכן ←.
אָ'ענע פֿעל. אָ'ענע הײַזער. אָ'ענע מהלך. ,,אַ
גרינער אָ'ענער בורנאָסל איז געהאַנגען אויף
אים", ר, אב"א מווילנא, דער פּוימאַניק,

זשיטאָ יר 1874. ,,שוואַרצע אָ'ענע דאַמענקליידער
פֿרישט מען אויף אַדיף אַזאַ אופֿן..,,,, ש.

שפּיראָ, קליידער פֿארבער ־, וואַרשע 1900.
,,אַ בענקל פֿון איין זײַט אַ רויטלעך־
צו...
געפֿאַרבטער, פֿון דער צווייטער זײַט אַן אָ'ענער,
פֿאַרגעלטער", מאָל, פֿריידקע פֿון אָ'ענע

,,

פֿאַרנאַכטן אויסגעפּליכעט־זאַטע לייג איך זיך
אַ לאַטע,,, פּמ, די קופּע, וואַרשע 1921, ז, 15.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעקראַצט — אַד, פּאַר אָפּקראַצן ←.

אָ'ע הויט, קאָרע. „דער אָפּלאַכער... איז דער שימל־אָפּקראַצער. נאָכן אָ'ן שימל זעט זיו ערשט דאָס פֿוילע, דאָס קראַנקע אַרויס“, פּרץ, ,שלום־עליכם'. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעקרייזלט — אדי, פּאָר אָפּקרײַזלען ←.

-

אָ'ע האָר, לאָקן. „ניט קיין אָ'ע וועט זי אין טעאַטער ניט גיין„. —ערהייט.

אָפּגעקרילט — אַדי, פּאַר אָפּקרילן ←. אַן אָ'ע האַנט, פֿול מיט בלעזלעך. „ווען ער האָט זיך געלאָזט פֿון איר אַוועקגיין ווי אַן אָ'ער מיט אָקרעפּ„, העשעלעס.

אָפּגעקרימט — אדי, פּאָר אָפּקרימען (זיך —).. אָ, רעכטס (לינקס). “אַ ביסל אָ, פֿון דער ווערטיקאַלער ריכטונג... שטייט זי [די וואַנט] אין געפֿאַר אײַנגאַנצן אײַנצופֿאַלן„, דר, אבּ. קאַספּע, פֿיזיק, נ„י 1916, ז, 94. ־קייט.

1747

אָפּגעקריצט — אַדי, פּאַר אָפּקריצן — אָ'ע חתימה. אָ'ער סימן. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעקרישלט — אַדי, פּאַר אָפּקרישלען (זיך) ←. פּפֿ: ~געקרישעט. אָ'ע וואַנט.

אָ, בּרויט. „אויף איין פּליטע האָבּ איך...
געטראָפֿן אַן אָ'ן ווינקל“, ש. ר. איבּז, מ.
אָלמינסקי, אין טפּיסע, מאָסקווע 1931. „אַ קליין
גרוי... פּאַלאַצל, אַן אַלטס... מיט אומעטום
אָ'ער שטוקאַטור„, מ. ווינער, קאָלעוו
אַשקענאַזי, מאָסקווע 1938. “שטיקער ערד פֿון די
טראַנשייען אָפּגעקרישעט„, פּמ, מלחמה II, נ„י
1956, ז, 440. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעקרענקט — אַדי, פּאָר אָפּקרענקען ←.
אָ'ע חדשים. אָ'ער נחת. ־ערהייט. ־קייט.

-

אָפּגעקרעסטיקט — אַדי, פּאַר אָפּקרעפֿטיקן
□. אָ'ע שטריק. „צוגעפּאַסטע און אָ'ע
פֿאָרעם“, יג, טמז 1957 □י14 I. ־ערהייט.
אָפּ(גע)ראַזירט — אַדי, פּאָר אָפּראַזירן (זיך)
←. מיט אַן אָ'ער מאָרדע. „אוממעגלעך
צו דערקענען... מיט איינעם אָ'ן בּאָרד“,
אמד, דיא לעבּענס געשיכטע פֿון נטע גנ□,
ווילנע 87□1. „אַ יונג מיט אַ העל סאַקל און
אַ גלאַטיק אָ, פֿנים„, וו□־ס, אַ שטעטל, ז, 14.

־ערהייט.

אָפּגעראָטן — אדי, פּאַר אָפּראָטן ← [פּד, דרום־דד]. אַן אָ'ענער שידוך, ווײַל די כלה האָט ניט קיין נדן. ־ערהייט.

אָפּגעראָטן — דזוו געראָטן. „דער חרוסת איז אויך הײַנטיקס יאָר אָ', פֿעטער, מער ווי אַלע יאָר“, שע, 'חרוסת'!

אָפּגעראַטעוועט — אַדי, פּאָר אָפּראַטעווען

. אָ'ע קינדער. מיט אַן אָפּעראַציע אָ'ע קאַנסער־קראַנקע. אָ'ע אוצרות. אָ'ע כתבֿ־ידן.
—ערהייט. ־קייט.

אָפּגעראַמט — אדי, פּאַר אָפּראַמען ←. אויך:

, געראָמט. פּפּ: י. „געראוימט. דאָס אָ'ע מיסט. אָ'ער הויף. אָ'ע שטרויכלונג. „אָ'ע דיכטער וואָס וואַלגערן זיך איז תּפֿיסות צי בײַם צפֿון־ים„, הל, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
—ערהייט. ־קייט.

אָפּגערוט — אַדי, פּאַר אָפּרוען (זיך) ←.
אָ'ער אַרבעטער. „דרום וויינט דאָס קינד בשעת אַז עס ווערט געבאָרן, ווײַל ער האָט פֿאַרלאָרן אַזו אַן אָ, אָרט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון
,
אַזוי אַ גוטן עולם“, איבז, קיצור ילקוט, יוזעפֿאָוו 1846. „זײַן קאָפּ זאָל אים זײַן אָ„

װעט ער קענען טאָן גאָטס דינסט מיט

קלאָרקייט,,, לט2. ערהייט — ,,געלאָפֿן ניט

אָ',,, דער העלד יערמאַק, איבער זעצט פֿון

רוסיסן דורך בחי [בֿ. יאגעחיס], װילנע 1874.

־קייט.

אָפּגערוטשט — אַדי, פּאַר אָפּרוטשן (זיך)

. אויף שליטעלעך אָ'ע קינדער. "

דערפֿילט דעם װײטיק פֿון טיף אָ'ער הויט,,, בערג,

-

באַס דניעפּער I, ז, 120.

אָפּגעריבן

אָפּגערויבט — אַדי, פּאָר אָפּרויבן ←. אָ'ער

פֿאַרמעגן. ,,אָפּגעגאַן עס איז מיט בלוט פֿאַר

יעדער אָ'ער לאָנקע,,, פּמ, מלחמה II, נ"י 1956,

ז, 443. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגערוימט — אַדי, פּאָר אָפּרוימען ←. פּפֿ:

~געראַמט. אָ'ער זאַל. ,,דער מאַרק איז

אָ', מע זעט קיין לעבעדיקע באַשעפֿעניש דאָרט

ניט", ממוס, שלמה ־ערהייט. ־קייט.

אָסגערוישט — אדי, פּאַר אָפּרוישן ←. אָ'ע

מחלוקתן. ,,צו דערציילן אין פֿריידן װעגן

לאַנגפֿאַרגאַנגענע, שוין אָ'ע שלאַכטן,,, י.

בראָנשטיין, זב, צוס 5 ׀ יאָרטאָג אָקטיאַבער רעוואָלוציע, מינסק 1932. „דער וויסטער ווינט פֿון אָ'ע יאָרן„„ מל, 'געזיכטער, ־ערהייט.

.

—קייט.

אָפּגערונד(יק)ט — אַדי, פּאַר אָפּרונד(יק)ן

׀. אָ'ע ליניע. אָ'ע פֿאָרעם. אָ'ע סומע געלט. ־קייט [אָפּגערונדעט נר].

אָפּגערונען — אַדי, פּאַר אָפּרינען ←. אָ, וואַסער. אָ'ע מורא פֿאַרן טויט. אָ'ע יאָרן. ־ערהייט. ־קייט.

-

אָפּגערוסן — אדי, פּאַר אָפּרופֿן ←. אָ'ענע פֿאָרשטעלונג פֿאַרזאַמלונג. אַן אָ'ענע ליצי,

טאַציע. אַן אָ'ענע מטבע וואָס מע האָט אַרויסגענומען פֿון פֿאַרקער, אַרויסגעצויגן פֿון צירקולאַציע. „אַן אָ'ענע [אין ווילנער טעקסט: גלאַטע] מטבע טאָן מען ביי זיך נישט האַלטן... וואָרן מע קען זיך פֿאַרגעסן און עמעצן אָנגעבן פֿאַר אַ גוטע מטבע“, חא, וואַרשע 1867, סז/א.

„די קליאַטשע איז בײַ מיר געווען שטאַרק אָ,
נאָך אַזאַ אויפֿפֿירונג„, סמוס, קליאַטשע. „גייט
עס שלעכט איף דער וועלט אַזוי ווי מיט
פֿאַרעלטערט, אָ, געלט„, יחיאל לערער, מ□.ן
הייס, וואַרשע 1936־37, ז, 12 ־ערהייט.

.

־קייט.

אָפּגערוקט — אַדי, פּאָר אָפּרוקן (זיך) ←.
דאָס אָ'ע מעבל. אַ שטערן וואָס איז אָ, פֿון
אונדז מיט פֿיר ליכט־יאָר. אין די ווײַטע אָ□ע
דורות. זיצן אָ, איינער פֿון צווייטן. „די גאַנצע
סוויטע זײַנע זײַנען געשטאַנען ווײַט אָ'„, יוסף
דער יתוס, נעתּק ע„י רי„א מ״ס, ווילנע 1865.
„דער קליידער־האַלטער איז אָ, פֿון דער וואַנט„,
ר. אדעלהייס, דער פּאַסאַזשיר, וואַרשע 1914.
־ערהייט. —קייט.

אָפּגעריבן — אַדי, פּאַר אָפּרײַבן (זיך) ←.
אַן אָ'ענער פּאַנטאָפֿל. זיך שעמען מיט אָ'ענע
מלבושים. אַ ריין־אָ'ענער סאַמאָוואַר. אַ יחסן,
אָבער אַן אַלטער, אַן אָ'ענער. אַן אָ'ענע מטבע,
אַ גלאַטע. ווערט זײַן אַן אָ'ענעם דרײַער. אַ
פּנים פֿון אַן אָ'ענעם זעקסער. זעט אויס ווי
אַן אָ'ענער זעקסער. האָט אַ ווערט פֿון אַן
אָ'ענער (גלאַטער, צעבראָכענער) טינפֿע.

אַוועקלייגן אַן אָ'ענעם בעזעם פֿאַר אַ קו וואָס גייט
שווער צו קינד. ווידער זיך נעמען צו אַן
אָ'ענער טעמע. *אָ'ענע סוכּה = גראָבֿ, פֿרוי
מיט אַ גרויסער צאָל סעקסועלע
איבערלעבונגען. “בײ מיר איז שוין די גאָלד אָ',

אָפּגעריזעט

דער רוקן צעריסן,,, לאל, ווילנע 1844, ז, 22.
,,אָ'ענע פֿוס פֿון אַ שוך — צו קלעפּן ציבעלעס
מיט זאַלץ און מיט האָניק און צולייגן,,, תּעלה
ארוכה, לבֿובֿ 1850. ,,דער אַלטער בית־מדרש
מיט די אָ'ענע עטרות און דורכגעשמאָלצענע
יאַרמלקעס,,, פֿרוג III, נ״י 1910, ז, 176. ,,אין
אונדזער עלטערן ייִדיש האָבן מיר דאָ געניצט
נאָך דעם פּאַרטיציפּ מיטן אָ'ענעם אויסלאָז
אָדער מיט דער לענגערער פֿאָרמע־נדיק,,, יאי,
ייִשפּ XIII, 1. ,,אין דרויסן שײַנט זיך אַן אָ'ענע
סעקאָנד־עוועניו־זון“, נאַד, 'אַ טאָג פֿון מײַנע
טעג'. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעדיזעט — פֿטמ.   דזוו אָפּגעגריזעט.
,,... קוקט אַרויס אַן איבערגעבליבן אָ, שטיקל
ברויט“, א□רהם קאהאן, די גאָלדענע ראָטע,
קיִעוו 1935.

אָפּגערייזט — אדי, פּאַר אָפּרײַזן ←. די
--
אָ'ע געסט. „די געבליבענע און די אָ'ע קוקן
אָן איינע די אַנדערע מיט טריבע בליקן„,
מך I, ז, 8.
אָפּגערייטלט — אדי, פּאַר אָפּרייטלען (זיך)
←. אָ'ע כלה. „[ער איז] געזעסן אַן אָ'ער
צווישן די חסידים, זיך אײַנגעהערט ווי ר,
אַבֿרהמל זאָגט תּורה“, אָפּא, די טענצערין,
ז, 333. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגערייכערט — אַדי, פּאַר אָפּרייכערן ←.
אויך: ~געררויכערט. אָ'ער פּאַפּיראָס.
אָ'ע ליולקע. אָ'ע האַלאָוועשקע. „זאָל מען
אויך לייגן אַ טרוקן טיכל אָדער אַ זעקעלע,
אָ, מיט צוקער...„, רופֿא חולים, דער הויז
דאָקטער. , [לבֿוב יָ] יאָר ־ערהייט.
אָפּגערייניקט — אדי, פּאַר אָפּרייניקן (זיך)
—).. אָ'ע שטוב. אָ'ע וואַנט. אָ'ער שטח. אָ'ער
מלבוש. „נעמט אין האַנט דעם אָ'ן בורנוס„,
צ דאָלגאָפּאָלסקי, דעם זיידנס קללות, מאָסקווע
1919. „ר, דודל טאַלנער איז שוין אָ, פֿון דעם
ראָזישטשעווער פּראָצעס“, ייִל, דאָס משלחת,
זשיטאָמיר תּרל“ו, ז, 21. ־ערהייט. קייט —

„אַ ▯ שטילקייט פֿון באַפֿרײַאונג, פֿון אָ'„, ברוך גלאַזמאַן, שטיינוועבס, מאָסקווע 1925.

אָפּגעריכט — אַדי, פּאַר אָפּריכטן ←. אָ'ער סדר. „אויף גיצאָגן איין יונגן שפּערבר, דער וואַר גאַר וואול אב גריכט אויף דאז יאָגן„, מבֿ, מעשׂה רלח ־ערהייט.

.

אָפּגעריסן — אַדי, פּאָר אָפּרײַסן (זיך) ←. גיין אָ'. אין אָ'ענע מלבושים. אָ, פֿון אייגענע, פֿון משפּחה. לעבן אָ, פֿון דער גרויסער וועלט. אַן אָ'ענער קלעזמער. אָ, שטיקל פּאַפּיר. אָ'ענער טייל פֿון באַרג. אָ'ענע בליקן. אָ'ענע געשרייען, טענער. אָ'ענע געדאַנקען, פֿראַזעס. אָ'ענע פֿאַקטן. אַן אָ'ענער אבֿר פֿון פֿאָלק. אָ, פֿון ייִדישקייט. *אָ, פֿון לעבן = אָן א שײַכות צו די פֿאַקטן, צו דעם אַרום. *האָבן אָ'ענע י אָ ר ן = שלעכטע, מיט אַ סך צרות. אַן אָ'ענער נ אַ ר = זייער אַ גרויסער שוטה.

.

אויך: אַן אָ, פֿערד. *אַן אָ'ענער הונט = ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פֿון אַ קייט. קללה: אָ,

זאָל ער ווערן! פּפּ אָ, ווי אַ לורכע, ווי אַ
ליאַרווע, ווי אַ לורבּיס, ווי (אַ רוח, אַ בּעטלער),
ווי נאָו (פֿון) קריעה, ווי פֿון אַ תּליה, ווי
הינט וואָלטן אים בּאַפֿאַלן, בּאַפֿאַלן ווי אַן
אָ'ענער (פֿון קייט). „איך האָבּ ניט פֿיל צום
בּעשׂטן און צו טאָן, בין גאָר אָבֿ גריסן„,
פּראָגבּ, 38. „די פּירות וואָס ליגן שבּת אָ, אין
די סעדער טאָר מען אַפֿילו ניט אָנרירן, ווײַל
זיי זײַנען מוקצה„, סשי I, ז, 81. „איך האָבּ
ניט אָפּגעשיידט פֿון אָ'ענע אויף בּאַהעפֿטע צו
דער ערד און ניט פֿון בּאַהעפֿטע צו דער ערד
אויף אָ'ענע“, זרעים, קב/ב. “דאָס קול ווערט
וואָס אַמאָל אָ'ענער, ווי פֿון טרערן דערשטיקט„,
פּרץ, חסידיש. “בּהדרגה שטאַרבּט אויס דער
אָ'ענער צווײַג [די קראָים] פֿון דער ייִדישער
אומה“, דר, י בּרוצקוס, ייִבּל XIII, 1־2. -
ערהייט. ־קייט — “עס פֿאָרט אַרײַן די היגע
ייִדישע ליטעראַטור אין אַ טעמפּן געטאָ־
גלותווינקל, און אָ, פֿון דער וועלט„, בּ. ריווקין,
גרונט־טענדענצן..., ז, 338. „די שפּאַנישע
ייִדן האָבּן זיך געמיט אָנצוקניפּן די אָ'ענע„,
קאָר II, ז, 227. [־הייט. נר.]
אָפּגעריסן אָפּגעשליסן — אַדי. זייער

-

שטאַרק אָפּגעריסן. ← אָפּשלײַסן. אָ'־אָ, ווי אַ בּעטלער (שלעפּער). „און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ תּכלית אַזוי לעבּן, אַזוי וואַנדערן ׃ אָ'־אָ, און ווײַט איינער פֿון דעם אַנדערן?“, אַר, 'וואָלקן'. “ייִנגלעך און מיידלעו אָ'ענע און אָ'ענע„, אמד, גדולת ראָטשילד, ווילנע תּרכ“ו. „דו האָסט מיטגענומען דײַן אָרעמען בּרודער אָ„ אָ'“, צדוק צדיקאָוויץ ממינסק איבּז, נעימות יעקבֿ [וועגן דובּנער מגיד], ווילנע 1869. „ער איז אַרומגעגאַנגען אָ, און אָ'. סײַ זומער סײַ ווינטער האָט זײַן האַלבּ־נאַקעט לײַבּ אַרויסגעקוקט פֿון די צעריסענע שמאַטעס“, אַש, תהילים־ייִד.

אָפּגערעדט — אדי, פּאַר אָפּרעדן (זיך) ←. אָ'ער תּנאַי. אָ'ע טרעפֿונג. פֿון דעם איז אָ'. אָ, דערפֿון וואָס.... שוין אָ, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל. „פֿאַר שווײַגן וואָלט ער גערין דיא אבּ גירעטי האַנדלונג„, שילדבּורגר זעלצאמי און, קורצווייליגי גישיכטי, קאַפּ, 17 [אווע III]. „איז דאָס אַלץ געווען אָפּגעשטעלט און אָ, פֿון פֿריִער“, אמד, דער פּרוש פֿון בּאַרדיטשובֿ, וואַרשע 1856. „שוין אָ, פֿון דעם וואָס ניט

אַלע פֿעלדער פֿון דער קולטור זײַנען איצטער
פֿאַרטראָטן אין דער ייִדישער שפּראַך,,, זשיט I,
נ״י ז, 174. ״אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שטעטל וואו
קיין ווערקשטאַטן זײַנען ניט געווען, פֿון
פֿאַבריקן איז שוין אָ,,,, בּ דעמבּלין, צוויי און
אַ דריטער, נ״י 1943, ז, 6. ־ערהייט —
״ניט אָ, טאָר ער אים ניט בּאַצאָלן מיט די
געלט פֿון שבֿיעית,,, זרעיס סב/ב. ־קייט.
אָסגערעוועט — אדי, פּאָר אָפּרעוועןֿ ←.
,,דער עולם זיצט אַן אָ'ער, אַ צעקנייטשטער
ווי די פֿאַררעטערין, די טוך״, הל, א בּלאַט
אויף אַן עפּלבּוים.
אָפּגערעכנט — אַדי, פּאָר אָפּרעכענען (זיך)

אָפּגעשאָסן

←. אָ'ער היזק. ,,אָ, איז האַלבּ בּאַצאָלט,,,
שוו ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגערעמאָנטירט — אַדי, פּאָר
אָפּרעמאָנטירן . אָ'ער אויטאָ. ,,פּרוּוו אויס דעם
אויף פֿאַרע אָ'ן טראַנספּאָרט־מאָטאָר,,, אַ[ע
סטעלמאַך, אַפֿ דאָדעמ־אוראל, מאָסקווע 1947.
אָפּגערעשט — [... ראַ'שט] אדי, פּאַר
אָפּרעשן ←. אָפּגעטומלטע, אָ'ע יאָרן. ,,אַריבּער

ניַינציק אָ'ע יאָר זיך האָבן אָנגעלענט מיט
כבֿוד אויף זײַן שטעקן“, פּמ, מלחמה ?, ז, 6.
אָפּגעשאָבן — אַדי, פּאָר אָפּשאָבן ←.
אָ'ענע מערן, קאַרטאָפֿליעס אע אָ'ענע פֿיש.
אָ'ענער, אָפּגעקראַצטער, אָפּגעריבענער
לאָקשנברעט. אָ'ענער לאָקשנברעט=פֿליכעוואַטער קאָפּ.
רויט וו אַן אָ'ענער בוריק. אַ ייִדענע מיט
י
אַן אַ'ענעם, אָפֿגעגאָלטן קאָפּ. „איין קינד דז
אָפּ נעמין האָט — נעם איין ביסיל שטויב,
אפּ גישאָבין פֿון דער איבר טיר, גיב עז אים
אין איין זופּ“, ר, דוד טעבֿיל בר, יעקבֿ אַשכּנזי,
חונה בק„ק אוסי, בית דוד, ווילמרשדאָרף
תּצ״ד. „זי מוז טאַנצן מיט אַ ייִדישן סטודענט
איז זײַן אָ'ענעם פֿראַק“, ייִפֿאָל, 32 1886, No.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשאָטן — אַדי, פּאַר אָפּשיטן (זיך) ←.
אַ'ענער צוקער. דער חתן, אַן אָ'ענער מיט
ראָזשינקעס און מאַנדלען. אָ, ווי אַ בעטלער
מיט לײַז. אָ, מיט קרעץ. אַ בוים, אָ, מיט
צײַטיקע פֿירות. „דו זעסט גאָרנישט ווי שלמה
ווערט יעדן טאָג רײַכער און רײַכער, ער
ווערט אָ'“, יעקבֿ זעליג פֿוטערמאן אויס
אָוורוטש, דער אַריסטאָקראַטישער צדיק,

וואַרשע 1889. „דאָרט וואו די ביימער זײַנען...
אָ, מיט ווײַס־ראָזע בלימעלעך“, ב. ראבינאָוויטש
איבז, ב. קעלער, אוזבעקיסטאן, קיִעוו 1930.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשאָטנט — אַדי, פּאַר אָפּשאָטענען ←.
„א פֿויגל, אָ, אין דעם וואַסער, פֿלאַטערט און
פֿארפֿליט„, הר, אין שענסטן טאָג פֿון האַרבסט.
אָפּגעשאָכטן — אדי, פּאָר אָפּשעכטן ←.
אָ'ענע עופֿות. אַרויס פֿון געשעפֿט אַן אָ'ענער.
„אויף דער ערד האָכן זיך אויסגעמישט די
דרײַ אָ'ענע בערד. זיי זײַנען געלעגן
פֿאַרשעמטע, פֿאַרשוועכטע, צעטרעטענע„, ח. י.
פּערל, פֿאַרלאָשענע ליכט אין מאַרמאָרעש, ת„אָ
תשי„ח, ז, 56. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשאַלט — אַדי פּאָר אָפּשאַלן ←. אָ'ער
ווידערקול. אָ'ער בריוו וואָס פֿאַרלירט דעם
פֿריִערדיקן טעם ־קייט.

.

אָפּגעשאָלטן — אדי, פּאָר אָפּשעלטן ←. אָ'
ענער המן. אָ'ענע קאָנקורענטקע. „זיי פֿאַלן צו
צו איובֿס מויל און זינקען אײַן אין תהום
פֿון אָ'ענע און אָפּגעקלאָגטע ווערטער“, הל,
'איובֿ ליגט אויף האַרטער ערד'. ־ערהייט.
־קייט.

אָפּגעשאָסן — 1. אדי, פּאַר אָפּשיסן ←.
אָ'ענער פֿויגל. אָ'ענע פֿײַלן. „עס ליגט דער

אַפּגעשאַפּט

פֿאָווער... און שרײַט: אוי, מײַן פֿוס איז
אָ', י. קעשיניעווסקי, דער מעדליאָהן, אַדעס
תּרל"ו. „אַן אָ'ענע שטיק רעלס פֿון אַ מעטער
צוויי די לענג האָט אַ פֿלי געטאָן,„ י. רימיניק
איבז, מאַקס העלץ, פֿונעמ וו .סנ קרייצ צו
דער רויטער פֿאָנ, אַדעם 1932. „לעבֿ איך אַזוי
ווי דער קריגס־אינוואַליד מיט שפּירונגען פֿון
אָ'ענע פֿינגער,„ חג, דער מענטש פֿון פֿײַער,
ז, 47.
2. אַדי. אָפּגעקראָכן (ווענן קאָליר).
אָפּגעבליאַקעוועט, אָפּגעבלאַקירט. וואָס האָט
פֿאַרלאָרן די פֿריִערדיקע פֿאָרב. אַרומגיין אין אַן
אָ, קליידל. אַ פֿאָטעל, אָ, פֿון דער זון. אַ העמד
וואָס איז אָ, פֿון צו פֿיל וואַשן. „די קליידער
וואָס זײַנען שוין גאַנץ אויסגעריבן און אָ,
(אָפּגעבלאַקירט)", אמד, דער אידישער
פּריידיגער, ווילנע 1878. „האָבֿ איך בײַ אים דערזען...
אַן אָ', אויסגעריבן ספּאָדיקל", קמ, 1864,

No 10. „פֿון די שווערע געפֿאַלדעוועטע
פֿאָרטיערן פֿון די אַלטע, אָ'ענע גאָבעלענען„, אָפּאַ,
'שאָטנס'. „דאָס זײַדענע כאַלאַטל זײַנס איז אָ,
פֿון זון און פֿון אַלטקייט“, ייִז, חבֿר נחמן.
„דאָס גרויקייט פֿון די האָר איז אָ'... און
זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַרכלאָזן גרין“, ייִט,
טאָג, 1961 י 27. —ערהייט. ־קייט.

אָפּגעשאַסט — אַדי, פּאָר אָפּשאַפֿן ←. פּפֿ:

~געשאַפֿן. אַן אָ'ע פּאָזיציע. „אויב אי .
וועל זיך ניט פֿאַרבעסערן אין קאָכן... בין
איך אָ, פֿון דער שטעלע“, ל. יאָסעלאָוויץ, דער
פֿאַרוואָגלטער (הנדוד), ווילנע תּרמ“ו. „דער
תּמצית פֿון דעם דאָזיקן געפֿיל איז... דער
אָ'ער ,ומפּני חטאינו',„ שבש I, ז, 235. ־
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשאַצט — אַדי, פּאַר אָפּשאַצן ←. אָ'ע
ווערטן. דער ניט־אָ'ער שרײַבער. אָ'ער
בריליאַנט. „ווערדליג בײַ אים איז אָ, זײַן חשיבֿות

און זײַן גאווה, איז דאָס אַלץ בײַ אים ווי
דערנער,,, ר, משה בר, נתן נטע איבז, ש□ט
מוסר, סדילקאָוו תקצ,,ג. ־ערהייט.
־קייט.

אָפּגעשאָקלט — אַדי, פּאַר אָפּשאָקלעז ←.
,,דעריבער רופֿט מען בבֿל שנער, ווײַל די
מענטשן... □דאָרט] זענען אָ, פֿון מצוות...
נאָך אַ פֿשט: ווײַל די מענטשן... שטאַרבן...
זיי זענען געווען אָ, פֿון פֿאַרגעניגן“, י. מ.
יע□ץ איבז, מדרש רבה, מגילת איכה, כא/א.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעשאָרן — אַדי, פּאַר אָפּשערן (זיך) ←.
פּפֿ□ □..,געשוירן. אַן אָ, קעפּל. דער אָ'ענער
פּודל. *אַרויסקומען (ווערן) אַן אָ'ענע(ר) =
א) פֿאַרלירן בײַ אַן אַזאַרט־שפּיל; ב) בכלל
אָנווערן געלט. ,,קומט צו שפּרײַזן בלייכער
תשרי איבער אָ'ענע פֿעלדער,,, יהואָש, ,תשרי'.
,,קעפּ אָ'ענע, קליידער צעריסענע, אויגן
פֿאַרלאָשענע, לײַבער צעשמיסענע“, הל, 'ביבער
געלעזענע'. ,,דער אויסגעיעטער האַלבער בייט
האָט אויסנעקוקט ווי אַן אָ'ענע שעפּס“, חייס
פּעט, אַ הויז אויפֿן פֿעלד. ־ערהייט.

אָסגעשאַרפֿט — אַדי, פֿאַר אָפּשאַרפֿן ←.
אָ'ע העק. אָ'ע שפּיצן. —ערהייט. ־קייט —
די אָ, פֿון די פֿאָרמולירונגען.
אָפּגעשוואומען — אדי, פֿאַר אָפּשווימען ←.
די אָ'ע שיף. אָ'ע ספּאָרטלערס. —ערהייט.
אָפּגעשוואַכט — אַדי, פֿאָר אָפּשוואַכן ←.
אָ'ע באַצילן. אָ'ער קערפּער. אָ'ע כּוחות. אַן
אָ'ער פֿון זיקנה, פֿון דער חולשה. שטאַרקן
די אָ'ע הענט. „לעזעביכער פֿאַר אַן אָ'ן
גײַסטיקן מאָגן„, אמד, נטע גנ▯, 1887, ז, 5. „
אונטער אַ היכן, אַ גרויסן בוים האָבן מיר ביידע
זיך געטאָן אַ וואָרף שטאַרק מיד און אָ, פֿון
אַזאַ ביטערער רײַזע„, ממוס, קליאַטשע. „די
אָ'ע ראַיה דערקוויקט מיט אַ שמעק טאַבעק„,
שמעון האָראָנטשיק, ,גאָטס משפּט'. ־
ערהייט. ־קייט — „פֿיבער, היץ,
אַלגעמיינע אָ'„, בלעטער, No 37.
אָפּגעשוואָנקען — אַדי, פֿאָר אָפּשווענקען
←. פּפֿ: ▯, געשווענקט. „פֿון
אַמאָליקער רויטער פֿאַרב וואָס איז אָ, געוואָרן פֿון
די רעגנס“, ייִט, פּוילי II.

אָפּגעשוואָרן — אַדי, פּאַר אָפּשווערן ←.
פּפֿ: ~געשוואוירן. דאָס אָ'ענע
עדותזאָגן. ־ערהייט. ־קייט.
אָסגעשוואַרצט — אַד , פּאַר אָפּשוואַרצן ←.
אָ'ע האָר. "זײַן אַלטע, לאַנגע קאַפּאָטע איז
ריין און ציכטיק, זײַנע שיו... אָ,", ט
קאַמינסקי, א ביאָגראַפֿיע פֿון אַ י ראל־קלען,
קיִעוו 1913. „דער שטיינערנער דיל,... אָ,
מיט אַ געמיש פֿון סאַזשע מיט אייל...„,
י. רימיניק איבז, מאַקס העלץ, פֿונעם וו סנ
קרייצ צו דער רויטער פֿאַן, אַדעס 1932.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשוויגן — אַדי, פּאַר אָפּשווײַגן ←.
אָ'ענע באַליידיקונג. אָ'ענע מעת־לעתן אין
תּפֿיסה. ־ערהייט. ־קייט.
אָסגעשווענקט — אַדי, פּאַר אָפּשווענקען ←.
אָ'ע וועש. אָ, פֿלייש. אַן אָ'ער וועג. „ווײַטער
פֿון דער ערד, אָ, מיט בלוט און שווייס„,
ר. אַדעלהיים, דער פּאַסאַזשיר, וואַרשע 1914.
„אַלטע אָ'ע צײַטן„, ייִט, פוילן II.
אָפּגעשוימט — אדי, פּאַר אָפּשוימען ←.
אָ'ער ביר. אַ'ע זופּ. "לאָז עז ווידר מיט דיא
זאַכין איין הצי שעה קאָכן, אונ אב גשוימט

וואול אַן זידן“, ירושת משה המחבר משה
רופֿא בן הקדוש בנימין וואָלף מק“ק מעזריטש,
סמוך לבריסק דליטא... ווילהרמשדאָרף
תּל,,ז. ,,ווען פֿון דיא אויגין רינען — איין
סאָק פֿון רוטא זיעלא מיט האָניק אפּ גי שומט
צו מיסען און לאָז אַרײַן אין אוג טראָפּין,,,
איין ביכל וואָ􏰀t דרינען גפֿינמ זיך זאַכין
טשיקאַווי, שקלאָוו תּקנ“ה. ,,אָ'ע וואָלקנס העט
בײַם עק פֿעלד,,, בעריש ווײַנשטיין. -
ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשוירן — אַדי, פּאָר אָפּשערן ←. פּפֿ:
~געשאָרן. די אָ'ענע לאָקן. ,,אַ זינדיקער

אָפּגעשטאַנען

קסיאָנדז און אַן אָ'ענער גלח“, ייִפֿאָל, 1882
II􏰀י 16. ,,קאָלישקער וואָקזאַל... איז ווייך
געווען פֿרן די ייִדישע אָ'ענע בערד,,, סעג, מײַנע
זיבן יאָר אין תּל־אָ􏰀י􏰀, ב,,א 1949, ז, 􏰀18.
,,וויפֿל פֿאַר די האָר פֿון אָ'ענע דערשטיקטע
פֿרויען“, פּמ, מלחמה II, נ“י 1956, ז, 488.
,,אין שטאַל די לעמער אָ'ענע שלאָפֿן אויף
לבֿנה־ליכט און היי“, יעקבֿ פֿרידמאן, פּאַסטעכער

אין ישׂראל, ז, 111. ־ערהייט. —קייט.
אָסגעשונדן — אדי, פֿאַר אָפּשינדן ←. אַ
בּוים, אָ, פֿון קאָרע. „איך וועל אים דערקענען
(כ'וואָלט אים דערקענט) אַן אָ'ענעם“, פֿוול.
אָ'ענע פֿעל. אויסזען ווי אַן אָ'ענע נבֿלה. „ער
איז צוריקגעקומען אָפּגעריסן, אָ', דאָס פּנים
צעשלאָגן און צעבּײַלט„, א י בּוכבּינדער, די
שיינע ליעזע, בּאַרדיטשעוו 1890. „איז אַרײַן
צו אים אַ דיקע מיידל מיט אַ מאָגערע גאַנדז.
זי איז געווען אַן אָ'ענע — די גאַנדז„, א. מ.
שאַרקאַנסקי, אַ שפּיטצעל פֿון אַ פּורים—
שפּילער, נ״י 1899, ז, 6. „מיט זײַנע קאָסאַקע אויגן
כאַפּט ער אַרום דעם אויבּן פֿון זײַן אָ'ענער
סוכּה. אַראָפּ פֿרן איר די גאַנצע יום־
טובֿדיקייט“, זש, שקלאָווער קינדער. „אַלטע ציגלנע
 הײַזער, שטילע, קרומלעכע, אָ'ענע„, מ
דלוזשנאָווסקי, פּאַש, 1 1962 III. „עלנט וויינט
אין גראָז אָ גריל, אַ גליוואָרעם פֿליט אָ'“,
אבּרהט לעוו. ־ערהייט — “מע קאָן זיך,
מע ווייסט זיך אָ'“, ייִל, ניט טויט, ניט לע—
בּעדיג, ווילנע תּרנ„ח, ז, 22. ־קייט.
אָפּגעשושקעט — אדי, פּאַר אָפּשושקען ←. לד
i i: <. אָפּגעקראָכן, אָפּגעריבּן. אַן
אָ'ער פּעלצענער קראַגן. אַן אָ'ער מענטש = אַ

שלעכטער

אָפּגעשטאָכן — אַדי, פּאַר אָפּשטעכן ←.
1. אָ'ענער חזיר. געפֿינען דעם באַנדיט אַן
אָ'ענעם. 2. לאָקל. אָפּגעגראָבן. „איך זע
זאַמאָשטש נאָך אַלס פֿעסטונג... אַרום נישט
פֿאַרלאָזטע, נישט אָפּגעשיטע, נישט אָ'ענע
וואַלן„, פּרץ, 'משיחס צײַטן,. „... איז געקומען
קיין פֿראַמפּאָל נאָך די גזירות ת״ח ות״ט און
האָט געקויפֿט אַ שטיקל פּלאַץ אויפֿן אָ'ענעם
בערגל, הינטער די יאַטקעס„, באש, גימפּל תּם.
־ערהייט.

אָסגעשטאַלט — די, ־ן. אָפּשפּיגלונג פֿון
אַ געשטאַלט. די אָ, אין שפּיגל. אָ, אין וואַסער.
״אַרויפֿגעזעצט אויף זיך די קאַסקע מיט די
גאָלדענע סטענגעס און אויפֿמערקזאָם
באַטראַכט זײַן אָ„, ד פֿעלדמאַן איבז, י. באַבעל,
דערציילונגען, כאַרקאָוו 1925. „די ווילדע רויז
פֿון אויבן — איז מיר ווײַטלעך, אַן אייגן
קינד — איר אָ, אין קוואַל״, סוצ, אין
פֿײַערוואָגן.

אָפּגעשטאַנעכץ — דאָס, ־ן. דאָס וואָס
פֿאַלט אָפּ, וואָס שטייט אָפּ בײַם שאָבן, בײַם
שיילן. „הערינג־שופּן און אָ', וואָס בלישטשען
אויף איר שירץ„, אַש.

אָפּגעשטאַנען — אַדי, פּאַר אָפּשטיין ←.

אָפּגעשטאָרבן

אָ'ער פֿאַניר. אַן אָ'ער תּל.ד. דאָס אָ'ע פֿאָלק.

אָ'ע אָרגאָניזאַציע. זאָל מען זען ער איז
ניט קיין אָ'ער. דאָס אָ'ע רעאַקציאָנערע לאַנד.
מאַכן קעז פֿון אָ'ער זויערמילך. דאָס אָ'ע
אויפֿן דנאָ. "די אָ'ע אין טויטן־מאַרש פֿלעגן
דערשאָסן ווערן אויפֿן אָרט". אָ'ע ריחות פֿון
קיך. *אָ'ענער פֿ י ש = (כּמעט) שוין סויטער,
קען שוין ניט שווימען. *אָ, פֿ ייִ ג ע ל ע =
ו אָס איז קראַנק, שוואַך, קען ניט נאָכהאַלטן
י
מיט די אַנדערע. קען שוין ניט פֿליִען. *אָ,
וו אַ ס ע ר = געשטאַנען איבערנאַכט אין אַ
וואַרעם צימער. אָ, בּ ל ו ט = וואָט פֿליסט
פּאַמעלער אין די אָדערן. „ערגער און מער אָ, פֿון
דער נײַער וועלט זײַנען די קליינבירגערלעבע
פֿרויען", קלאַרא צעטקין איבז, די אַרב.
טערינען און פֿרויענפֿראגע אין דער געגנוואַרט,
לאָנדאָן 1902. "מײַן... היים וואָס ציט זיך
נישט אויס אין דער לענג ווי אַן אָ'ער פֿיש",

פּרץ, טײַ ע זכרונות "איז ער נאָר געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, לאַנג און שמאָל ווי אַן אָ'ער שלײַען, י. פּערלע, ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, ז, 380. ־ערהייט. ־קייט.

אָסגעשטאָרבן — אדי, פּאַר אָפּשטאַרבן ←.

אַן אָ, גליד. רעדן מיט אַן אָ, קול. אַן אָ'ענע באַוועגונג. אַן אָ'ענער פֿאַר דער גאַנצער וועלט. אַן אָ'ענע שטילקייט. אָ'ענער פֿוס = אַן אײַנגעשלאָפֿענער, אָפּגעלעגענער. „די ארמי זעהן דעם אָבֿ גשטארבני איר ערשטי קינג אונד גמאהל„, איין שייני וואונדרליכי היסטאָריע פֿון איין פֿישערס זאָהן", זולצבאַך. „קיינעם האָט איר אָ, האַרץ באַוועגן געמאַכט„, ל. לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדער'ס טאָכטער, ווילנע 1888. „נאָר די קענען זײַן אַ שאַנד פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך וואָס מיינען אַן נאָר אָ'ענע מומיעס קאָנען זײַן שיין און פֿאַרדינען אונדזער רעספּעקט", זשיט I, נ„י 1912, ז, 134. „דו ווערסט אים ניט דערקענען... זײַן געזיכט איז עכט בלאַס און אָ'", מ. יודעלסאָהן, דער ממזר אָלס דאָקטאָר, ווילנע 1927. ־ערהייט. ־ק יט — „ווער איז דער ער? — פֿרעגט ער מיט דער זעלבער אָ'„ אַש, בײַס דניעפּער, ווילנע 1939,

ן, 384.

אָפּגעשטויסן — אדי, פאַר אָפּשטויסן ←.

אָ'ענער אָנגריף. אָ'ענער שונא. אָ'ענע קרובֿים.

־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעשטומפּט — אדי, פאָר אָפּשטומפּן ..

אָ.ע געפֿילן. „די ייִדישע אינטעליגענץ... האָט זיך אין די אַכציקער יאָרן געפֿילט... קאַלט פֿאַר יעדער איידעלער ר ג נג און אָ, פֿאַר יעדן גרויסקייט“, רעד, גרשס באדער, יודישער פ לקסקאלענדאר, לעמבערג תּרע״א. „האָבן מיר... נאָך אַ גליד וואָס זאָל ניט זײַן אָפּגעשוואַכט און אָ, פֿון דיזע שווערע לײַב־ און זעל־טויטנדע... צוואַנגסאַרבעט?„, הגדה של פסח על פּי נוסח חדש, אַרויסגעגעבן פֿון דעם סאָציאַליסטישן בראָשורן־פֿאַראיין, נ„י 1894.

־קייט.

אָפּגעשטעלט — אדי, פאַר אָפּשטעלן (זיך)

175()

. אָ'ע באַוועגונג. אָ'ע צײַט פֿאַרן עסן און פֿאַרן שלאָפֿן. אָ'ע פּרײַזן. די אָ'ע אין (פֿו0 דער אַרבעט. אָ'ער ט אָ ג — אָפּגעמאַכט,

באַשטימט פֿאָרויס. „איז דאָס אַלץ געווען אָ, און אָפּגערעדט פֿון פֿריִער„, אמד, דער פּרוש פֿון
באַ דיטשוב, וואַרשע 1856. “פֿאָרן קיין
ארץ־ישׂראל. . היטן דאָרטן דאָס ביסל
אימושטשעסטווע, אָ, פֿון די אַלטע צײַטן. דאָס איז
דער כּותל־מערבי“, דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע
1881. „דער האָט אַ פֿײַף געטאָן. דאָס איז
געווען דער אָ'ער סיגנאַל“, קלמן סוביל איבז,
דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובלין 1894.
אָ'ער — ווער עס איז שוין געשטאַנען צום

פּריזיוו. „זײַן טאַטע וועט ניט קוקן דערויף
וואָס ער איז שוין אַ גרויסער און אַן אָ'ער
און וועט אים... אַרײַנוואַרפֿן פּעטש“, משה
אלטמאַן, בלענדעניש, טשערנאָוויץ 1926.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשטעמפּלט — אַדי, פּאַר אָפּשטעמפּלעז
. אָ'ע קאָנווערטן. אָ'ע מאַרקעס. „יעדנס
טריט זײַנען דײַטלעך אָ, אין שניי“, סמב
—ערהייט. ־קייט. ← אויך:
אָפּגעסטעמפּלט.
אָפּגעשטעקט — אַדי. פּאַר אָפּשטעקן ←.

צוגעגנבסער און דערנאָך אָ'ער חפֿץ. דער
בּרייטלעך אָ'ער שלום־עליבם. אָ'ער פּאַטש.
״אויף פּאַראַכאָדן און אויף סטאַנציעס פֿונעם
אײַזנבּאַן מעג מען האַלטן בּראַנפֿן־משקאות
אין אַן אָ'ער כּלי פֿון 1/20 חלק עמער״, ממוס,
ד□ןר ניטצליכער קאלע□דאר אויף שנת תּרמ״ב,
ווילנע. ־ערהייט. —קייט — ״די אָ,
פֿון דער גניבה בּאַפֿרײַט נאָך ניט פֿון שטראָף
פֿאַרן פֿאַרבּרעכן,,.
אָפּגעשטראָכן — אַדי, פּאַר אָפּשטרײַכן ←.
פּפּ ~געשטרײַכט. אָ'ענע סומעס פֿון
דעם חשבּון. ,,נעם בּיר איין זײַדל אונ איין
לעפֿל הוניק, און איין לעפֿל פּוטר, און איין
אָ, לעפֿל זלץ □...,, ירושת משה, המחבּר משה
רופֿא בּן הקדוש בּנימי□ וואָלף מק״ק מ□
וריטש. , ווילהרמשׂדאָרף תּל,,ז. ״מע מוז
איבּעראַל מעסטן ווי די גאַנצע שטאָט איז זיך
נוהג. ווען דער מנהג איז צו פֿאַרקויפֿן
אָפּגעשטרײַכט, טאָר מען ניט קויפֿן הויך מיט
אַ ווערך״, חא, נ/א ־ערהייט.

.

אָפּגעשטראַפֿירט — אַדי, פּאַר
אָפּשטראַפֿירן □.. אָ'ער עקאָנאָמישער פֿאַרבּרעבער.

‟האָט זיך באַקלאָגט דער פֿאַרשעמטער, פֿאַרמשפּטער און אָ'ער„, ש גאָדינער איבז, וו. סטאַווסקי, דער איבערבראָך, מאָסקווע 1932. ־ערהייט.

אָסגעשטשיפּעט — אדי, פּאָר אָפּשטשיפּען ←. אָ, גראָז. „אויף דעם אָ'ן וואָרצל וועלן אויסוואַקסן זייער פֿיל זײַטיקע וואָרצעלעך‟, אגראָנאָס א. עלבערט, פֿאַרפֿלאַנץ־געוויקסלאך, □ עטראָגראַך 1922. „אַ פֿריגל. □. אַ גרויער אָ'ער וואָראָביי„, ש. קאַשעווניק איבז, קלאַוז נויקראַנץ, באַריקאַדן אין ווענדינג, מאָסקווע 1931. ־ערהיי□ן.

אָפּגעשיידט

אָפּגעשטשערבעט — אַדי, פּאַר אָפּשטשערבען ←. פּפֿ. ~געשטשירבעט. אָ, טעפּל. ‟דער טשוהונטשיק איז אריך דאָ אָ, אַ ביסל. מילא וועל איך אים ניט דערגיסן פֿול‟, י פֿאַליקמאַן, מענטשן פֿון מײַן לאַנד, מאָסקווע 1945. ־ערהייט.

אָפּגעשיט — אַדי, פּאַר אָפּשיטן ←. פּפּ: ~געשאָטן. אַן אָ'ער מיט מתּנות פֿון אַלע זײַטן. „דער וועג אַהין איז אָ, מיט קינד

און קייט“, ממוס, ווינטשפֿ. „אַ שטשערבאַטע לאָקשנטעפּל, אַ סטאָליעטניק (פֿיקוס), אָ, מיט גרויסע בלאָטערן“, בלעטער, No 40. „מיט עפּל קער איצט אָ, שוין זײַן פּאָלטאַווע„, פּמ, מלחמה I. „אַלע נעכטן אָ'ע שטערן ליגן איצט פֿאַרפֿראָרענע אין רו„, סוצ, סיביר.

אָפּגעשייגעצט — אַדי, פּאַר אָפּשייגעצן ←.

דער אָ'ער יונגאַטש. „דער עולם איז געבליבן שטיין אַן אָ'ער“, אָפּאַ, די טענצערין, ז, 344. —ערהייט.

אָפּגעשיידט — אַדי, פּאַר אָפּשיידן (זיך) פּפּ

~געשידן, □,געשיידן. אַ ווײַט, אָ'ט אָרט אין ווײַטן צפֿון. תּרומה, די אָ'טע תּבֿואה. אַ נזיר אָ'ט פֿון דער וועלט. „אָ'ט זאָל ער זײַן„ — בײַם דערמאָנען אַ בר־מינן, אַ מת [= ער זאָל זיך ניט מישן מער אין ענינים פֿון לעבעדיקע, אויך ניט קומען צו חלום]. „אַ נפֿטר, אָ'ט זאָל ער זײַן — להבֿדיל בין החיים והמתים“. „דרײַ שוועסטער האָט ער געהאַט, זאָלן זײַן ווײַט אָ, פֿון מיר„, שע, טביה. „מײַן מאַמע האָט מיר אָנגעטאָן ווײַסע קליידער — אַ סגולה איך זאָל נישט שטאַרבן יונג ווי מײַנע אָ'טע שוועסטערלעך און ברידערלעך“, י□)ראָל ראַבאָן, □אויפֿן פֿראָנט'. „זאָל ער זײַן

אָ'ט פֿון זײַן טאַטן,, — װעגן אַ יתום, זאָל
ער זײַן דערװײַטערט פֿון דעם טריטן, זאָל
ער זײַן אויף לאַנגע יאָר. אָ'טער =
אַרײַנגעלייגטער אין חרם. ,,[די קהילה] זאָל
דערלאָזן די אָ'ע צו קומען אין שול אַרײַן,,, זק,
שד י. [אַז עס שטאַרבט אַ חתן (אַ כלה),
שטעלט מען דעם אָרון מיטן מת אונטער אַ
שװאַרצער חופּה לעבן דעם אָפֿענעם קבֿר. מע
צערײַסט די תּנאָים איבערן אָרון און מע זאָגט:
,,אַזוי װי די תּנאָים װערן צעריסן, אַזוי זאָלסטו
אָפּגעריסן און אָ'ט זײַן (װערן) פֿון דײַן כלה
(חתן) לעולם ועד,,. מען ענטפֿערט אָמן און
מע װאַרפֿט אַרײַן אין קבֿר די צעריסענע
תּנאָים. די כלה (חתן) װאַרפֿט אַרײַן די ערשטע
לאָפּעטע ערד.] ‘‘זיי זײַנען װײַט אָ'ט פֿון די
הבלי־עולם־הזה‘‘, ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,,אך
װיל ניט זײַן קיין רשע... איך װיל ניט זײַן
אָ'ט חס ושלום פֿון ד, אחד,,, תּניא, לח. ,,װער
עס איז ניט עוסק אין דער תּורה װערט ער
אָנגערופֿן נזוף, ער איז מנודה, אָ'ט,,, פּרקי
אָבֿות, העתק.. על לשון צח ונקי, אוסטרהא
תּקע,,ו. ,,יעדער אין זײַן צעל אַן אָ'טער‘‘,
יהואָש, 'באַזונדער'. ,,אין רוחניות איז ניט
שייו אָ'ט,,, אין נאָמען פֿרן ליובאַװיטשער רבין,

איידער ער איז אַוועק פֿון סאָוו,־רוסלאַנד קיין ריגע.

 פגעשיילט

־ערהייט. ־קייט — ,,... מיט יענער
אָ, מיט וועלכער אַ לעבעדיקער קוקט אַלעמאָל
אויף טויטע‘‘, י. פֿאליקמאן, די שײַנ קומט פֿונ
מיזרעכ, מאָסקווע 1948.
,,די אב גשיידני, כלומר די לערנר דיא דא
וואַרן אבגשיידן פֿון וועג פֿון דיא עם־הארצים,,,
סהמ, עמוס, בּ, 11. ,,דאש הולענדשי לשון
וועלכשׂ... פֿון אַלי אַנדרי לשונות אב
גישיידן איז,,, 'שיני אַרטליכי גישיכטין', אַמsto,
תּע,,א, הקדמה [ייִבל 5 ,XIII־6]. מ פֿאַרטײַטשט
'נזיר אחיו, (בּראשית מט, 26): ,,איין אב
גשיידינר פֿון זײַני בּרידער‘‘ [תּי: ,,דעם פֿירשט
פֿון זײַנע בּרידער,,]. ,,איך וויל זײַן אַ נזיר,
איין אָ'נער מן,,, משל הקדמוני, אוסטרהא
תּקנ‘‘ז. ,,ניט דוא בּישׂט... אב גישיידן,,,
 סידור] תּפֿלה למשה , דעסוי 1696. ,,שרײַבּט
הר אבּרבּנאל... דשׂ דיא שופֿטים אונ,
מלכים זײַן גלײַך אין פֿינף ארלייא זאַכן אונ,

זײַן אבֿ גישיידן אין פֿינף ערלייא זאַכן“,

ר, אלכּסנדך עטהויזן.. , בּית יע)ראָל ו◌ית הבּחירה, אובֿיבֿך תּע“ט.

אָפּגעשיילט — אדי, פּאָר אָפּשיילן ←. אַ'ע פּירות. אָ'ע בּיימער. אַן אָ'ע נאָז. אָ'ע ווענט. אָ'ער אויוון. אָ'ע הויט. נאַקעט ווי אַן אָ'ע ציבּעלע. „אַן אָ, איי קומט ניט גלײַך אין מויל אַרײַן“, שוו. „ממילא (הלבֿינו) זינן ווײַס גוואַרן (שֹריגיה) אירי רעבֿן, דר ווײַל די שילכט זײַנן אבֿ גשילט„, סהמ, יואל, א, 7. „האָט אים געגעבֿן אין האַנט אַרײַן אַן אָ'ן צווײַג פֿון אַ מאנדלבּוים„, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'. „[עס] קוקן אַרויס אָ'ע רוקנס פֿון אַלטע בּ◌כער“, יהושע פּערלע, 'נײַן אַזייגער אינדערפֿרי'. „וואָס העכער אַלץ אָ'ער זײַנען געוואָרן די ווענט„, בּאש, פֿוך מײַן טאַטנס ◌ית־דין־שטובֿ. „מיר קינדער בּאָרוועסע, מיט אָ'ע טריט„, א◌א, צוק, דעצ, 1961. ־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעשײַנט — אדי, פּאַר אָפּשײַנען ←.

-

אָ'ער שטראַל. “משונהדיקע צורות... אויף אָ'ע ווענט אַנטקעגן„, ממוס, שלמה. “די פֿרייד פֿון ריינע, אָ'ע טע◌', מל, 'איין גורל'. -

ערהייט. ־קייט.

אָפּגעשייערט — אדי, פּאַר אָפֿשײַערן ←.

-

אָ'ער סאַמאָוואַר. אָ'ע קופּערנע פֿאַנען. „אַן אָ'ער פֿון רײַבונגען...„„ בּ ריווקין,

גרונטטענדענצן. ־ערהיים ־קייט.

אָפּגעשילדערט — אדי, פּאַר אָפּשילדערן ←.

אָ'ע סיטואַציע. אָ'ע כּוחות־פֿאַרהעלטענישן. ־קייט.

אָסגעשיקט — אַדי, פּאַר אָפּשיקן ←. ס'אָ'ע געלט. אָ'ע מתּנות. די אָ'ע אויף יענער וועלט.

אָ'ע אויפֿן פֿראָנט ־ערהייט.

.

אָפּגעשלאָגן — אַדי, פּאָר אָפּשלאָגן ←.

אַ'ענער אָנגריף. אָ'ענער שׂונא. אָ'ענע פֿאָרבּעטונג. קאָרן, אָ, פֿון האָגל. אָ'ענע טענות.

אַן אָ'ענע הושענא = דאָס וואָס האָט ניט מער

.

קיין שום ווערט; שוואַך, אָן כּוחרת, אָן האַפֿט.

א יסזען ווי אַן אָ'ענע הושענא. חכמהלע: וואָס

איז מער ווערט — אַ פֿאַרדאַרטער לוח אָדער
אַן אָ'ענע הושענע? אַן אָ'ענע פּאָליטישע
הושענא. „די גאַנצע הושענא אין מײַנע, די אָ'ענע
איז דײַנע„ □ „אַן אָ'ענע כפּרה טויג אויף
כּפּרות“, שוו □ „זיין גלידר... צו בּראכין ווערין
און אָפּ גישלאגין„„ ר, יהודא חענטשינער,
מציל נפֿשות ישׂראל, אַמשט תּי„א, ב/א.
„זײַן הוייבּט אונ, זײַן הענד וואַרן אים אבּ
גישלאגן„„ שמואל־בּוך, סטראָפֿע 93. “דער
□ כר פֿון עולם־הבּא זאָל ניט זײַן אָ'„ [=
אַראָפּגערעכנט], ספֿר חסידים, תּק„ז?, סימן קנה.
„וו אַ ליכטיקייט וואָלט אָפּגעגאַנגען וואו פֿון
י
דער ווײַט אַן אָ'ענע“, אַל III, ,דער קאַפּיטל
קי„ט'. “דאָס הינטל האָט... געקוקט אַ ווײַלע
אויף די אָ'ענע לאַפּקע„„ אָפֿא, ,לילי'. “די
ווערטער... זיי קומען צוריק, אָ, פֿאַרקלעמט„„
סעג, איצטער ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשלאָסן — אַדי, פּאָר אַפּשליסן ←.
אָ'ענע פֿענצטער און טירן. אַן אָ'ענע וועלט.
אָ'ענע געזעלשאַפֿט. פֿירן אַן אָ, לעבן. אַן
אַ'ענער מע □ טש, רויט פֿון דער געזעלשאַפֿט.
אַן אָ'ענער אָפּמאַך. אַ, אין א אײַנצל־קאַמער.

אָ, אין וָיך. אַן אָ'ענע אַרבעט. „אַ מדינה וואָס
איז געווען אָ, און תּרפּ"ט אַלפֿים מײַלן
אָפּגעלעגן פֿון אַנדערע מדינות„, פּרץ, פֿאָלקסט,
געשיכטן „[אים] איז נאָר געווען צו געפֿינען
אין יענעם אָ'ענעם ייִדישן לעבן פֿון אַמאָליקע
יאָרן", אַש, תּהילים יו „יעדע קולטור האָט
איר אָ'ענע אייגבקייט„, צײַט, טמן, 1958 I .
„אַלע זיבן הימלען זענען אָ, ווײַט און ס'האָט
די שליסלען צוגענומען ער, דער סמך־מם„,
אצג, מעפֿיסטאָ ־ערהייט. ־קייט —
"פֿעלט אין דער טרילאָגיע ניט נאָר אָ', נאָר
אויך אידעאָלאָגישע קאָנקרעטקייט„, שנ, שלוס

ש

אָפּגעשלאַפֿט — אַדי, פּאָר אָפּשלאַפֿן ←. אָ,
וו ע ר ן פֿון אַ לאַנגער קרענק. צו אָ,
אַרויפֿצוגיין אויפֿן באַרג. „דער אָ'ער... האָט נאָך
קיין כּוח ניט געהאַט צו גיין", יא, שטערנטיכל
„זענען שוין נעבעך אָ, זײַנע גלידער„, טעיא—
טאָר. „פֿון וועגן צעבראָכן, אָ, פֿאַרשמאַכט",
ממוס, יודל "זוך איך איין עצה, איין מיטל ווי
אַזוי צו שטאַרקן די אָ'ע„, יעקבֿ סאָטמאַן,
עבֿרי אנכי, באַרדיטשעוו 1901 ־ערהייט.

.

־קייט.
אָפּגעשלאָפֿן — אַדי, פּאָר אָפּשלאָפֿן ←.
אָ'ענע צײַט. ־ערהייט.
אָסגעשלייפֿט — אדי, פּאַר אָפּשלײַפֿן ←.
־
פּפֿ. ,געשליפֿן. אָ'ע מעסערס. שאַרף ווי
אַן אָ'ער חלף. אָ'ע בּאַריערן וואָס האָבּן
פֿונאַנדערגעטיילט די מענטשהייט. ,,אונדזער פֿרייד
איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָ'ן חלף“, האַל
—ערהייט. ־קייט.
אָסגעשליסן — אדי, פּאַר אָפּשלײַסז ←. פּד.
אָ'ענע עופֿות. אין אָלע דד אין פֿאַרבּינדונג:
אַפּגעריסו אָפּגעשליסן . אָפּגעריסן]. אָ'ענער
־
הילוך. ,,די משרתים האָבּן נישט געוואָלט

אַרײַנאָפּגעשמדט

לאָזן אַזאַ אָפֿגעריסענעם און אָ'ענעם“, פֿמ ,,אַ
כאָפֿטע יִדן מיט ווײַבער, מיט קינדער —
אָפּגעריסענע, אָ'ענע, פֿאַרוואָגלטע, פֿאַרווײנטע,,,
ממָס, ,צוריק אַהיים' ,,דרייען זיך שטענדיק
אַלערליי שׂכורים, גנבֿים, בּעטלערס, אָפּגעריסן,

אָ',,, ספּ, ענייס ואבֿיונים. ,,דאָס איינע קינד גייט
אין אָפּגעריסענע, אָ'ענע שמאַטעס", דוד
פֿרישמאַן, ערצעהלונגען ,,האָט געבלאָנדזשעט די
מלאַווער עדה ווי א סטאַדע שעפּסן,
אָפּגעריסענע, אָ'ענע", אָפֿאַ, ,די מלאַווער עדה'. ,,די
ביימער... אָפּגעפֿליקט און אָ', ווי אַ הון
וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער,,, אַש,
תּהילים ירד. "כּאַגלייט מיט קוויטשעדיקע
קולות פֿרן צעשויבערטע אָ'ענע ו.ײַבער", ייִז,
שטאָל און א□־זן פּפֿ אָ, ווי אַ ליאַרווע, ווי
אַ לורבע, ווי א שד, וו אַ בעטלער, ווי נאָך
י
(פֿון) קריעה, ווי הינט וואָלטן אים באַפֿאַלן.
אָסגעשליפֿן — דזוו אָפּגעשלײַפֿט. אָ'ענער
בריליאַנט. אָ'ענער אַרטיקל. "דער קוימען איז
נישט ליידיק: עטלעכע ערדענע טעפּלעך...
אַ שטיקל אָ'ענער ציגל... נאָר אָן אַ פֿונק
פֿײַער", פּרץ, 'די אַלמנה,. ,,א גרודע, גלאַט
און זילבעריק און אָ', קערט זיך אום אַקעגן
ז□ן,,, יהואָש, 'ערד'. ,,די האַנט די לינקע בײַם
מוסקל האָט אַן אויסזען ווי שוין צו פֿיל אָ'",
הערשל ווינאָקור, אין אופֿקום, מאָסקווע 1932.
־ערהייט. —קייט.
אָסגעשמאָדערט —. אדי, פּאָר אָפֿשמאָדערן

.. ￼ אָ'ע בגדים. ,,צעקאָרטשעטע ייִדן...
אָ'ענע קינדער‟, מק I. ־ערהייט.
אָסגעשמאָלצן — אַדי, פּאָר אָפּשמעלצן ←.
אָ'ענע איַיזצעפּלעך. אָ'ענע קאַפּאָטע. ,,אַ פֿרוי
אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ ווייך אָ, פּנים און
אַ נישט־זיכערן בליק‟, פּרץ, ,משיחס צײַטן,.
,,די גרויסע ￼ אָ'ענע יאָרצײַט־ליכט אין די
קעסטלעך,,￼ חג, ,דער פּרוש'. ־ערהייט.
־קייט.
אָסגעשמאַנט ——. אדי פּאָר אָפּשמאַנטן ←.
די אָרעמע אָ'ע מילך. ,,אַרונטערצונעמען טינט
פֿ.ן פּאַפּיר... מע טריקנט אָפּ די פֿײַכטע
שטעלע... באַשטרײַכט מיט עטוואָס עלטערע
אָ'ע מילך‟, לוח לשנת תּרס‟ה, מאת
תלמודתורה הכּללי וישי￼ה עץ חיים, ירושלים.
אָפּגעשמאַקט — אדי, פֿא אָפּשמאַקן ←.

￼

אָ'ער געטראַנק. ‟דאָס שטיקל גמרא [אין רוסיש]
ווערט גוט צעקײַט און נישט אָ, ווי אין
זשאַרגאָן‟, קמ, 1870, No 12. ‟דורך דעם אָ'ן
רעכענונג [אַז איר זײַט דער עם נבחר] קענט איר
דאָך צו גאָט נישט קומען,,, אַבֿרהם יצחק
בּוכבּינדער (איש אָדעסא), דער בלומען־גאָרטען,

ווילנע 1885. „דײַן שאַרפֿער וויץ ערשײַנט מיר

אָ„„ יוסף באָוושאָווער, פּאָעזיע און פּראָזע,

ז, 47. „איך זע זי ביז גרונט, די וועלט אָ‟, אַר,

,די וועלט,. ־קייט — „באָפֿרײַט פֿון... אָ,

פֿון וואָרט‟, דער לעבעדיקער, טאָג, 1958 II l6.

אָפּגעשמדט — [... שמאַ'ט] אַדי, פּאָר אָפּשמדן

(יך) .. אָ'ע איניקלעך. „דער יִדישער

אָפּגעשמועסט

,אויסלאַנד, האָט שוין לאַנג אָפּגעטרייסלט זיך

פֿון אונדזער אָ'ן 'רוסיפֿיצירטן, דיכטער־כאָר„„

י. דאָבּרושין, זבּ נוערד, l No, מאָסקווע 1921.

אָ'ע מ ש ק ה = מיט ניט ערלעכן צומיש פֿון

וואַסער ־ערהייט ־קייט.

. .

אָפּגעשמועסט — אַדי, פּאַר אָפּשמועסן (ויך

. אַ ניט־אָ'ע באַגעגעניש. דער אָ'ער

זמןחתונה. *„פֿון אים (אַזאַ איינעם) איז דאָך אָ,

= איז ניטאָ נאָך וואָס צו ריידן, ווײַל מע קען

אים ס אַראַ נפֿש דאָס איז ־ערהייט —

אַנטלויפֿן צוזאַמען אָ, ־קייט.

אָסגעשמידט — אדי, פּאַר אָפּשמידן ←.
אָ'ע פּאָדקעווועס. אָ'ע פֿערדלעך. „רעדער אָ, מיט אײַזן“, בלעטער, No 3. ־ערהייט.
אָסגעשמיסן — אדי, פּאָר אָפּשמײַסן ←.
אָ'ענע קינדער. אויסזען ווי אַן אָ'ענער. האָבן אַ פּנים פֿון אַן אָ'ענעם. זיך פֿילן ווי אַן אָ'ענער. בלײַכן, אַוועקגיין (ווי) אַן אָ'ענער. זיך פֿילן שולדיק, הילפֿלאָז. אַרומגיין אַן אָ'ענער. אָ'ענע צווײַגלעך. *אַן אָ'ענע הושענא = עפּעס וואָס האָט קיין שום ווערט ניט. אויסבײַטן אַ פֿאַראַיאָריקן לוח אויף אַן אָ'ענער הושענא. אָ'ענע תּ ו ר ו ת = פֿאַרעלטערטע. אַזוי אויך: אידייען, לערעס, טעאָריעס אע. „אָ'ענער תּחת מיט אַלע ברכות, אויף צולהכעיס דעם רבין קדחת, וועט עס אים צינדן און צום בעט בינדן, און מיר וועלן לויפֿן אַלצדינג קויפֿן, און דו האָסט קדחת, אָ'ענער תּחת„, חדר לידל. „יענע מענער און פֿרויען... זײַנען אַראָפּ פֿון דאָרטן צוואַר ווי אָ'ענע“, אַמד, דער אידישער פּאָסלאַניק, ווילנע 1880. „... איז זיך נעבעו געקומען

אַהיים ווי אַן אָ'ענער,,, אָפּ,,ס גרונעלע דיא רעבּעצין, ווילנע 1874. ,,קומען ווי די אָ'ענע צוריק מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז", ממוס, ווינטשפּ. "רויטע אָ'ענע בּעקעלעך פֿון ווינט", וויַס, דאָס שטעטל. "גיט אַ טיטשע מיט דער בּיַטש צו דער חשכות אַרום וואָס דרייט מיט ווינט און שניי, יאָגט און פֿיַפֿט, פֿאַרשיטנדיק די אָ'ענע קוסטעס", הירש דאָבּין, אַ דער וויַטרוסישער ערד, מאָסקווע 1949. ־ערהייט. ־קייט.

אָסגעשמירט — אַדי פּאַר אָפֿשמירן ←.

אָ'ע ווענט. אָ'ער נאָמען. אָ'ע וואונד. ,,געל, פֿריש אָ, מיט אָכרע איז די ערד, די פּאָדלאָגע הייסט עס, און שיַנט ווי דער בּעסטער געוועקסטער פּאַרקעט", ממוס, 'שבּת'. ,,דער טשאָלנט איז פֿאַררוקט, דער פֿריפּעטשיק אָ,,,, שע, קליינע מענטשעלעך. . ,,די מאַמע לייגט צוויי גרויסע שמעקעדיקע חלות, מיט אַן איי אָ'ע... פֿאַרן טאַטן,,, ישׂראל רוחומו סקי, זכרונות פֿון מיַן לעבּן פּאַריז 1930. ־ ערהייט. ־קייט.

אָסגעשניטן — אדי, פּאַר אָפּשניַדן ←. אָ'ענע המוציא. אָ'ענע תּבֿואה. אָ'ענע פֿעלדער. אָ'ענער

קאָנוס. אָ'ענע דיוויזיע פֿון שׂונא. אָ, פֿון דער
וועלט. ,,אַן אויסגעגעבענע טאָכטער איז ווי
אַן אָ, שטיקל ברויט‘‘; ,,אַן אָ'ענע שטיק טאָר

מען קיין חזרה ניט געבן,,, שוו. ,,און, זיא
וואַרן פֿר ברענט דיא מצרים אַז דיא אב
גשניטנן דערנר‘‘, מחזור שלש רגלים, אַמ▯Iט 1713,
קמח/א. ,,ווען איינער האָט געפֿונען אָ'ענע
פֿײַגן... מעג ער זיי צונעמען און עס איז ניט
קיין גזל,,, זרעים, פֿח/ב. ,,צולייגן צו די אָ'ענע
נעגל דרײַ פּיצלעך שטיקלעך האָלץ זיי זאָלן
דינען פֿאַר כשרע עדות [אַז מע האָט די פֿינגער
איבערגעהיפּערט]‘‘, ממוס, דאָס קליינע
מענשעלע. ,,וואַרטנדיק די נאַכט אין אָוונטפֿלאַמען,
זען בלויז אַ פֿעלד פֿון אָ'ענע שטאַמען‘‘, דא,
אָבֿ הרחמיס, ז, 43.

אָ, ז ײַ ן , וו ע ר ן. אָ, זײַן פֿון אייגענעם
פֿאָלק, פֿון דער וועלט, פֿון די אידייען פֿון
דער צײַט אע. “דעם ווערט אָ, און געקירצט
זײַן לעבן דער דאָ וויל האָכן מן זאָל אים ווילן
זײַנר תּורה הלבן אויף אים געבן,,, צוכט.
,,ניט זײַן פֿון פֿאָלק חלילה אַן אָ'ענער אבֿר,
דאַן וואָלט איך ליגן רואיק אין קבֿר‘‘, יצחק

ראָבּינאָוויץ (אויס קאָוונא), צווייא פּאַטריאָטישע שירים. , נ,,י תּר״ן.

*האָכן אָ'ענע י אָ ר ן — שלעכטע יאָרן מיט אַ סך צררת. די יאָרן ווערן אָ, — זיי ווערן געקירצט, פֿאַרקירצט. ,,דיא דעם שבּת פֿר שוועכן ... זײַן יאָר ווערן אים חס־ושלום אכ גישניטן,,, מחזור שלש רגלים, אמשט 1713, רנג/ב. ,,ווער בּלוט עסט דר איז חייבֿ כּרת, דשֿ אים זײַנה יאָר אָפּ גשניטן ווערן, ער מוז שטערבּן פֿר זײַנר צײַט,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו תקנ״ו. ״כּענטש אונדז... לאָזן אונדז ניט ווערן אונדזערע יאָרן אָ,,,, שערי דמעות, תּחינה, בּרעסלוי תר,,י. ,,ער האָט געהאַט דערפֿאַר פֿון דער ווײַכ אָ'ענע יאָרן,,, אמד, בּאַרוסקע דער שומר, ווילנע 1871. די הענט (פֿיס) זײַנען ווי אָ, — ניטאָ קיין כּוח אין זיי. ,,בּנימין האָט געפֿילט אַ ווייטיק אין די ליטקעס, די פֿיס זײַנען אים געווען, לא עליכם, ווי אָ',,, ממוס, מסעות. ־ערהייט. ־קייט — ,,געטראַכט וועגן דער פֿאַריתומטער אָ, פֿון לעבּן״, מאַרק ראַזומני, אראַנעאַ די שפּין, ריגע 1924.

אָפּגעשניטנס — דאָס. מצ נבּ דזוו אויפֿשניט, בּ4 (־ 501).

אָפּגעשנייצט — אַדי, פּאַר אָפּשנײַצן ←.
-

אַוועקגיין מיט אַן אָ'ער נאָז (ווי אָ') = מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, אויסגעלאַכט,

אָפּגעשטויסן, אָ▯ל וחפֿוי ראָש. אָ'ע ליכט. ,,ר, שלום, גייט אײַך געזונטערהייט. עס איז ניטאָ פֿון אײַערטוועגן קיין בּראָנפֿן... ר, שלום גייט אַוועק פֿון די קרעטשמע אַזוי ווי אָ,,,, שכנא האָלץ העקער און שלום וואַסערטרעגער, לעמבּערג 1891. ,,זיי האָבּן זיך אַלע זייער געפֿרייט, נאָר... איז אַוועקגעגאַנגען ווי אָ',,,

איין גאַנץ נײַע מע▯tה פֿון איין גליקליכי אַלמנה, לעמבּערג 1898. ,,דער שלעכטער בּחור איז אַוועק מיט אַן אָ'ער נאָז אָדער ווי אַ קאַץ פֿון דער מילך,,, פּרץ, 'ליטעראַטור אין לעבּן'.
־ערהייט.

אָפּגעשפּײַזט

אָפּגעשניצט — אַדי, פּאַר אָפּשניצן ←. אָז אָ, שטעקעלע. ,,דרײַ פּיצלעך שטיקלעך האָלץ, אָ, פֿון אַ סטענדער צי פֿון טיש,,, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע. ,,פֿון אויבּן אָפּגעטאָקט, אָ, און ריין ווי שיינער קריסטאָל. אָבּער

אינעווייניק?,,, פּרץ, 'אַראָפּגעלאָזטע אויגן,. -
ערהייט. —קייט.
אָפּגעשעפּט — אַדי, פּאַר אָפּשעפּן ←. דאָס
אָ'ע מים שלנו. אָ'ער שוים. שוין אַן אָ'ער
נחת. -ערהייט. -קייט.
אָפּגעשפּאָט — דזוו אָפּגעשפּעט.
אָפּגעשפּאָלטן — אדי, פּאַר אָפּשפּאַלטן (זיך)
←. די אָ'ענע מחנה, גרופּע, פֿראַקציע
אאזוו. אָ'ענע שפּענער. ,,וואָס ווײַטער איז אַלץ
געווען ווייניקער אָ, און ממילא דיקער", גרשון
מאיר באָיאַרסקי, רבֿ אין וואשילקאָווע, גראָדנער
גובֿ,, דעם יצר הרע'ס שוהלע, פּיעטריקאָוו
1911. —ערהייט. -קייט.
אָפּגעשפּאַנט — אַדי, פּאַר אָפּשפּאַנען ←.
אָ'ער מהלך. "עס פּאַשען זיך די אָ'ע פֿערדלעך".
אָ'ע נערוון. ,,שטייט אָ, בײַם הינטערשטן
בײַדל אײַער פֿערדל,,, ממוס, קליאַטשע. -
ערהייט. -קייט — אַ באַרואיקונג, אַן אָ,
נאָכן קריזיס.
אָפּגעשפּאַרט — אַדי, פּאַר אָפּשפּאַרן (זיך
□. אָ, ווי אין אַ תּפֿיסה (מאָנאַסטיר). די
אָ'ע קאַמער. אָ'ער אָנגריף. ,,די געוועלבער אָ,,
די לאַטערניעס... ברענען זייער דונקל,,,
ישׂראל אָרנשטיין, רעיונות י□ראל, יאַס 1893,

ז, 60. ־ערהייט. ־קייט — אַן אָ, ווי
אין אַ פֿעסטונג.
אָפּגעשפּאָרט — אַדי, פּאָר אָפּשפּאָרן ←.
אָ'ער קאַפּיטאַל, פֿאַרמעגן. „ווער עס האָט נאָו
געהאַט אָ'ע טרערן האָט זיי אויסגעווי נט אין
[די הייליקע טעג]“, אמד, דער ערשטער נאַבֿאָר,
ווילנע 1871. „וואָס אַ טאָג איז קלענער געוואָרן
דאָס אָ'ע קניפּל“, פּרץ, 'די אַלמנה'. „די שטיצע
פֿון דעם אָ'ן געלט וואָלט אים בֿיסלעכווײַז
געבֿראַכט צו אַ פֿאַרמעגן„, גזע [ז. גאַלין],
די קונסט דײַך צו ווערען, וואַרשע 1913, ז, 17.
„מע זעצט די קוואָקעס אויף די אָ'ע אייער„,
א. שומיאַטשער, אין שעהען פֿון ליבֿשאַפֿט.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשפּולט — אַדי, פּאַר אָפּשפּולן ←.
אָ'ער גאַרן. „וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן ס'איז
געווען צו אַרכֿעטן די אָ'ע וואָל, גלײַך פֿון די
פּעקלעך אַרויס“, ק בֿענעק, פּאַריזער אַבֿאַזשורן,
פֿאַריז 1938.
אָפּגעשפּיגלט — אַדי, פּאַר אָפּשפּיגלען (זיך)
←. דאָס לעבֿן, אָ, אין דער ליטעראַטור.
„ס'ווײַזט זיך אונדזער ליבֿע, אָ, אין דעם בֿליק“,
יהואָש ,צפּורה'. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשפּײַזט — אַדי, פּאַר אָפּשפּײַזן ←

„אָן... רוסלאַנד מיט אירע אומצייליקע
תּיפֿלות און זאַטע אָ'ע פּאָפּעס“, דר, מ. דעמבּאָווסקי,

אָפּגעשפּילט

מיט די קאָזאַקן איבּער בּוקאָווינע און
גאליציען, ווילקאָווישק, יאָר?
אָפּגעשפּילט — אדי, פּאָר אָפּשפּילן (זיך) ←.
די אָ'ע מעלאָדיע. אָ'ע פּיעסע. שוין אַן
אויסגעצוצטע, אַן אָ'ע קאָרט. ער איז שוין אַן אָ'ער,
א דורכגעפֿאַלענער. ־ערהייט. ־קייט.
אָסגעשסיל(י)ע
לעווען. אָ'ע הײַזלעך. אָ'ער
ט — אדי, פּאָר אָפּשפּיל(י)ען
.. פּפּ , שפּי
קאָלנער. „צוגעהאַלטן מחילה די אָ'ע תּחתּונים
מיט איין האַנט„, ממוס, מסעות ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעשפּעט — אַדי, פּאָר אָפּשפּעטן ←.
פּפּ. ~געשפּאָט. אָ'ער לא־יוצלח. „ס'
צעפֿאַלן אַלע קייטן פֿון דעם אָ'ן זײַן“, בּ לאפּין,

צייכנס

אָפּגעשפּראָכן — אדי, פּאָר אָפּשפּרעכן ←.

אָ'ענע עין־הרע, רויז. אָ'ענער בוימל. אָ'ענע
מטבע. "אַמאָל איז געגוג געווען אַ ביסל אָ'ענער
בוימל, אַ יהי־רצונדל צו מאַכן פֿון טויט
לעבעדיק", פּרץ, 'די עשׂרת הדברות'. „כּײַם
בעלעגלה הינטערן העמד הענגט אַן אָ'ענע מטבע,
וואָס עס האָט אים געגעבן דער בילגאָרייער
רבֿ פֿאַר אַ שמירה", באש, „דער ייִד פֿון בבֿל".
„די רביים פֿון דער ריזשינער גזע פֿלעגן געבן
די חסידים אָ'ענע מטבעות. די חסידים פֿלעגן
צווישן זיך פֿאַרקויפֿן די מטבערת ווי בײַ אַ
ליציטאַציע", מנשה אונגער, טמז, 12 IX 1961.
ערהייט. ־קייט.—
אָפּגעשפּרונגען —־ אדי, פּאָר אָפּשפּרינגען
אַן אָ, ברעטל פֿון אַ פֿעסל. אָ'ע פּילקע. ←
„מעביר בקולמוס ווערט אָנגערופֿן
איבערצושרײַבן די אָ'ע בוכשטאַבן פֿון אַן אַלטן
כּתבֿ", אמד, ר, ש מעון באַרבון, ווילנע 1874.
„האָבן מיר דאָ צו טאָן ניט מיט דעם רובֿ
בנין פֿון דעם פֿאָלק, נאָר מיט איינצלנע
אָ'ע קליינע פֿראַגמענטן", זשיט X, נ"י 1919,
ז, 15. "זיך צוגעזעצט אויף אַ סאָפֿע,
איבערגעצויגן מיט אָ'ער לעדער", באש, פֿאָר, 1967
24 II. „ערטערווײַז האָט זיך פֿון אונטער דעם
אָ'עם קאַלך אַרויסגעזען דער טרוקענער מאָך",

חג, צמח אטלאס I. ־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעשקראָבעט — אדי, פּאָר אָפּשקראָבען
←. פּפּ ,געשקראַבעט. אָ'ע
פּאַטעלניע. ,,אויססמאָקען פֿון וועלט דעם אָ'ן,
דעם פֿוילן ביין'', פּמ, די קופּע. ''די טישלעך
נאַסע, אָ'ע, גרויסע צעריבענע קראַצן זעט זיך
אויף זיי אַרויס'', ש אלעק, אין אָנגלי,
כאַרקאָוו־קיִעוו 1932. ־ערהייט.
אָסגעשראָקן — אדי, פּאָר אָפּשרעקן (זיך)
←. אָ'ענע מענטשן, פֿויגלען אאזוו אָ'ענער
קעגנער, קאָנקורענט אע. ־ערהייט —
צוריקטרעטן אָ'. ־קייט — ''דער רוף פֿון
בלוט אינמיטן זײַנע פֿרומקייטן, אָ'ן און
פֿאָראורטיילן,,, ייִט פּוילן .

-

אָפּגעשרויסט — אדי, אר אָפּשרויפֿן ←.
דאָס אָ'ע פֿיסל פֿון טיש. ,,די אָ'ע שטאַנג איז

געלעגן אין אַ זײַס", ל שאפּיראָ, נאָוועלן ,,קינס
אָ'ע רעכטע פֿוס", פּמ, די קופּע ־ערהייט.
־קייט.
אָפּגעשריבן — אדי, פּאָר אָפֿשרײַבן ←.
אָ'ענע ירושה. אָ ענע דאָקרמענטן, מגילות אע
,,אַלשׂ וואז אין דער תּורה שטיט אבּ גשריבּן",
ר, יום—טובֿ ליפּמאן העלער, כּ"י 'מגלת איבה',
1703 [אייגנטלעך: אָנגעשריבן]. ,,אין שין
מעשׂה... אויף טײַטש איז וואַרן אבּ גשריבּן",
מענה לשון אויף טיוטש, פֿיורדא [1766]. ,,דאָס
גאַנצע 'ספֿר שני לוחות הבּרית, איז אָ', עס
איז נישט אויסן געבּליבּן", עח, שער־בּלאַט.
,,דאָס איז געווען אַ בּקשה־בּריוו אויף זײַן
נאָמען אָ, מיט דעם נוסח ווי מע גיט אַרויס אַן
אָרעמען יורד,,, ר, יטקב מדובּנא, משלי חכמה
(דבֿרים), ווילנע תר"נ, מד/א. ־ערהייט.
־קייט — אַן אָ', פֿול מיט גרײַזן.
אָפּגעשריגן — אדי, פּאָר אָפּשרײַען ←. פּפּ
~געשר ען. אַן אָ'ענער חולה מסובּן. אַן
אָ'ע גזירה. "דער איז בּיי אונדז אַן
אָפֿגעשריגענער, אַ ציטעריקער", שע, וואָך בּײַ פֿרצן,,.
־ערהייט. ־קייט.

אָפּגעשריסטס — דאָס, ־ן. פּר. קאָפּיע.

אָסגעשרסעט — [... סאַרפֿעט] אדי, פּאָר
אָפּשרפֿען ←. דאָס אָ'ע שטעטל. אַ בוים
מיט אַן אָ'ער קרוין. אָ, פֿון דער זון „עס
זײַנען אָ, געוואָרן פֿינף ייִדן, צוואַנציק ייִדן“,
דר, מ א אײַזענש טאדט, נאָד דער גרויטער
שריפֿה, ו־ילנע 1901. „די ווערטער פֿון אַן אָ'ן
מײַדאַנעק־דיכטער“, הל, אין טרעבֿלינקע.
־ערהייט. ־קייט.
אָפּגעתהילימט — אדי, פּאָר אָפּתּהילימען
.. „וואָס איז דער סוף מיט די
אָפֿגעדאַוונטע און אָ'ע סטודענטן ?„, יצחק יעקבֿ
ווײַסבֿערג, ייִפֿאָל, 50 l882, No.
אָפּגראַבֿלען — טרוו ־בֿל אָפּ, ..־,געגראַבֿלט.
.

פּפֿ: ~גראַבליע(ווע)ן. 1. פֿאַרענדיקן
גראַבלען. פֿאַרטיק ווערן מיטן גראַבלען. 2.
גראַבלען אַ לענגערע צײַט. 3. אָפּרייניקן,
באַזײַטיקן מיט אַ גראַבלע. אָ, דאָס מיסט פֿון מאַרק.
אָ, די בײַטן פֿאַרן פֿאַרזעצן מערן און בוריקעס.
4. אָפּרייניקן, באַזײַטיקן מיט יעדן מין מכשיר.
אָ, מיט אַ מעסער די בלאָטע פֿון די זוילן.
5. אָפּשאָבן, אָפּקראַצן מיט די נעגל פֿון אויבן,
פֿון אייבערפֿלאַך. „דאָס קינד האָט אָפּגעגראַבלט
קאַלך פֿון וואַנט„. „אָ, פֿון דער זון פֿאַר ייִדן
א שטיקעלע„, מלה, די גאָלדענע פּאַווע מיט
ז י ך — די מויז האָט זיך אָפּגעגראַבלט אַ
גאַנצע נאַכט„ ־עכץ ־עניש.

.

אָסגראָבן — טרוו. גראָב אָפּ, ~געגראָבן.
1. ענדיקן גראָבן. פֿאַרטיק ווערן מיטן גראָבן.
2. גראָבן אַ לענגערע צײַט. 3. אויסגראָבן
וואָס איז פֿאַרשאָטן. “ניט איין מאָל איז
אויסגעקומען אָ, פֿון אונטערן שניי די פֿאַרווייטע
זעמליאַנקעס“, ש גאָרדאָן, צעלינא “ס'האָט
פֿאַרשאָטן מיט ערד פֿיר ערדגרעבערס,...

אָפּגרויזיען

[אײַנעם] האָט מען אָפּגעגראָבן אַ לעבעדיקן,,,
בּ מארשאק איבז, איליאַ ערענבורג, דער טאָג
דער צווייטער 4. אויסגלײַכן מיטן אַרום אַ
הייכונג, אַ בערגל. ,,אַ טיראַנישער פּלאַן... דעם
ייִדישן בית־עולם וויסט מאַכן, די קבֿרים אָ,,,,
א נײַע מע)ה. ווי אַזוי ייִדן זײַנען...
געהאָלפֿן געוואָרן, לעמבערג 1905. אָ, דעם באָדן
— אויך: באַזײַטיקן דעם פֿונדאַמענט. ,,
דערמיט האָט ער אָפּגעגראָבן דעם באָדן פֿון דער
... פּאָלעמישער אידייען־פֿאַרבינדונג,,, זשיט III.
5. אויסגעפֿינען, אויסזוכן. אָ, פֿון אונטער דער
ערד. אָ, עמעצנס אַלטע חטאָים. ־דנג.
־עניש.
אָפּ(ג)ראַבעווען — טרוו. ־בעווע אָפּ, ~
גע(ג)ראבעוועט. אַוועקגזלען. פּויערשע ערד
וואָס פּריצים האָבן אָפּגעגראַבעוועט.
אָפּגראַגען — אוטוו ־גע אָפּ, ..,געגראַגעט.

.

אויפֿהערן גראַגען ווי גענדז אַדער גראַגען אַ
לענגערע צײַט. רעדן הויך און צוזאַמען וואָס
דערמאָנט דאַס גראַגען פֿון גענדז.
אָפּגראַגערן — אקוזוו. ־ער אָפּ, ,געגראַגערט.

1. אויפֿהערן גראַגערן מיט גראַגערס אָדער
גראַגערן אַ לענגערע צײַט. די ייִנגלעך האָבן
אָפּגעגראַגערט המנען. 2. רעדן הויך און
צוזאַמען. „אויף דער פֿאַרזאַמלונג איז ניט
געווען קיין אָרדענונג. מע האַט אָפּגעגראַגערט
אַ גאַנצן אָוונט און צו קיין טאָלק איז מען ניט
געקומען„.

אָפּגראָזן — טרוו. גראָז אָפּ, □־, געגראָזט.
1. אָפּעסן דאָס גאַנצע גראָז. “די ציגן און
שעפּסן האָבן אָפֿגעגראָזט די גאַנצע פּאַשע„.
2. אָפּשנײַדן דאָס גראָז. אָ, די לאָנקע. 3.
בּאַגראָזן. אָ, דעם גאַנצן שטח אַרום דעם הויז.
אָפּגראַטעווען — טרוו ־טעווע אָפּ, ~
געגראַטעוועט. אָפּֿצוימען, אָפּגרענעצן מיט גראַטעס.
אַרײַנשטעלן גראַטעס. אָ, איין אַרעסטאַנט פֿון
צווייטן. „ווי אין אַ תּפֿיסה... די טירן
פֿאַרהאַקט, די פֿענצטער אָפּגעגראַטעוועט„, נאד.
אָפּגראַטשקע(ווע)ן — אוטוו ־קע(ווע) אָפּ,
~געגראַטשקע(ווע)ט. אָפּטומלען, אָפּרעשן.
אָפּקאָכן זיך. פֿאַרענדיקן טאָן אָדער אַ לענגערע
צײַט טאָן ווי אין פֿיבער, אין גרויס אײַלעניש,
אין יאָגעניש. אָ, און אָנווערן די כּרחות.
אָפּגראַמען — טרוו. גראַם אָפּ, ~געגראַמט.
אויסגראַמען. שרײַבן אין גראַמען. זאָגן מיט

גראַמען. אַ, ווי א בּדחן. „דעם דיכטער איז געגאַנגען ניט סתּם אין אָ, דעם בּיכלישן ספֿר שמואל“, מוו, בּילדער פֿון ייִדישער

ליטעראַטורגעשיכטע

אָפּגרוז(י)ען — טרוו ־ז(י)ע אָפּ, ~געגרוז(י)עט. רוסיצ אָפּלאָדן משׂא. „גרוזעט אָפּ אין צענטער... זיפּן„. ר. פּאָליאַנקער, שויעל דער זיפּנמאכעך, ק□עוו 1938.

אָפּג□.ויזיען — טרוו ־זיע אָפּ, ~געגרויזיעט. דזוו אָפּגרייזען (□.). אָפּצוימען. „אין קוזניע האָט ער זיך אָפּגעגרויזיעט אַ ווינקל,

אַוועקאָפּגרדיען

געשטעלט אַ בּעטל...„, עליע שעכטמאַן, אַפֿן שיידוועג, כאַרקאָוו 1930.
אָפּגרויען — טרוו. גרוי אָפּ, ~געגרויט. מאַכן גרוי, אָפּפֿאַרבּן אויף גרוי. „מיטן ערשטן טאָגליכט איז דער הימל אָפּגעגרויט געוואָרן“.
אָפּגרונדירן — טרוו ־דיר אָפּ, ~געגרונדירט. אָפּגרונטעווען, בּ 1 אָ, די דילן פֿאַרן פֿאַרבּן.
אָפּגרונט — דער ־ן. Mhd: ab□g□un□ י ab־

1 .grin‌e. גוואַלדיקע טיפֿעניש. דאָס וואָס
איז אָן אַ גרונט. תּהום. טיף ווי דער אָ,. אָ, —
טיף. טרײַבן אין אָ, אַרײַן. שבֿ פֿאַרטײַטשט
'תּהום, — אָ'. ,,און, דיא ערד וואשׂ ווישֿט און,
לער און, וואשׂ פֿינסטער אויף פֿור אָ',,, טח
"קרחס ווײַבֿ האָט אים געשטאַרקט זײַן קריג,
אַזוי האָט זי פֿאַרזינדיקט זיך, און איר מאַן און
קינדער זענען אײַנגעזונקען געוואָרן אין דעם
אָ',,, לט ,,דער גרויסער אָ, און דער טיפֿער
ים און דער מדבר — די אַלע זענען בֿאַשאַפֿן
כעוואָרן בֿזכות יעקבֿ,,, מחזור לר"ה, סלאַוויטע
1832, יבֿ/ד. ,,איך פֿאַל ווי אין אַן אָ, און
פֿאַרגעס אַלצדינג", ממוס, 'בּישיבֿה של מטה'.
"ס'קימט אַמאָל אַ וואָרט צו גרייכן —... צי
פֿון ווײַטע בלויע הייכן, צי פֿון טונקעלע אָ,־
טיפֿן", אר, 'דאָס וואָרט'.
2. דנאָ אָדער טיפֿער אָרט אין ים, אין טײַך.
אין אָ, פֿון ים. "עס וואַרט דיך דער אָ, פֿון
אײַז־ים", סטג, קאַפּריזן ,,אָט־אָט... קערט
זיך דאָס שיפֿל אום און ער פֿאַלט אַרײַן אין די
טיפֿע אָ'ן פֿונעם טײַך,,, ממוס, ממעות ,,ווער
יוייסט וויפֿל סודות עס געפֿינען זיך אויף די
אָ'ן פֿון דעם דאָזיקן טײַך", ספּ, סודות
3. ארכ. גיהנום, ספּעצ נידעריקסטע מדורה

פֿון גיהנום. „זר ווערשֿטו ביהויט ור דער העלין פֿײַן אונ, ור אַפֿי גרוינדיא‟, „בנימינס שבתליד', [ביר, ייִבל 1 ,XIII־2]. „האבן זיא גיווארפֿן אין אב גרונד דשׂ גיהנם„, לט 1 כט/א.

4. טיפֿע צעטײלונג. גוואַלדיקער אונטערשייד. גרויסע מחיצה. דער טיפֿער אָ, צווישן האַר און קנעכט. ‟ווען וועסטו, רבונו־של־עולם, פֿאַרשיטן דעם אָ, דעם טיפֿן, וואָס טײלט דײַנע קינדער אדיף שטאַרקע און שוואַכע„, פרץ, 'דאָס געבעט'. „צווישן אים און אירע עלטערן א גאַנץ טיפֿער אָ,‟, ממוס, ווינטשפ

5. פֿאַרבאָרגעניש, געהיימעניש, סוד. ווערן אויפֿגעטרייסלט ביז צו אָ'ן פֿון דער נשמה. ‟דער רצון זיך צו פֿאַרטיפֿן אין דעם אָ, פֿון מענטשלעכן לעבן‟, בעמ III. „איך פֿיל דעם אָ, פֿון אַ קלײנער טרער‟, סוצ, פֿעסטונג ‟האָט ער זיך אָ▯ געהויבן אַראָפּצולאָזן אין די טיפֿסטע אָ'ן פֿון פּילפּול‟, ווײַס, 'פֿון רבינס שטוב'.

6. שויערע, פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע. „דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבן צו פֿאַרשטײן אין וואָס פֿאַר א טיפֿן אָ, ער איז אַרײַנגעפֿאַלן‟, ספּ, סודות ‟פֿון איר פֿנים האַט ארדיסגעקוקט דער יאוש און אַנגסט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען געזען דעם אָ, דואָס וואַרט אויף איך‟, אַש,

תּהילים ייִד "עס פֿינצטערט אין אָ, מיט גרוילן",

1 54

אַל II. „די ערשטע טרעפּ צו אַרויסקריכן פֿון דעם אָ, איז דער לבֿ נשבּר ונדכּה", מאמר ראָש השנה, נ„י ת"ש.

7. נידעריקסטער שטאַנד, אונטערשטע מדרגה. אָ, פֿון דער געזעלשאַפֿט. אַן אינסטיטוציע פֿאַר די וואָס ליגן אויפֿן אָ'. טיפֿער אָ'. טיף ווי דער אָ', אויפֿן בּרעג פֿון אָ'. אויפֿן (גליטשיקן) בּרעג פֿון אָ, = אויפֿן ראַנד פֿון סכּנה, פֿון אונטערגאַנג. טרײַבן, שטויסן שלײַדערן אין אָ, = אויך: דערפֿירן צום אונטערגאַנג. „און זיי אַלע פֿאַלן אין אַ טיפֿן אָ אַרײַן„, ממוס, שלמה

,

אָפּגרונטיק — אדי תּהומיק. וואָס האָט די אייגנשאַפֿטן פֿון אַן אָפּגרונט. „שווינדלט אָ, די גאַס פֿון אונטן„, מ. טקאַטש, אויף גאָטס בּאַראָט, 1927, ז, 122. „דורך די אָ'סטע מוראס האָם איך געוואָגלט„, יג, פֿון מײַן גאַנצער מי „אָ, שווימט מײַן געהער צו די פֿיש אין כּנרת„, סוצ, צ.טיקע פּנימער, 1970.

אָפּגרונטלעך — אַדי, וואָס איז ווי אַן
אָפּגרונט. אַ בלויע אָ'ע ליידיקייט קוקט אין
פֿענצטער אַרײַן", נ לוריע איבז, מ. גאָרקי,
א מענטש בא לײַטן, קיִעוו 1935.
אָפּגרונטעווען — טרוו ־טעווע אָפּ, ~
געגרונטעוועט. 1. לייגן אַ גרונט פֿאַרן פֿאַרבן.
אָפֿגרונדירן. „בײַם פֿאַרבן קומט אויס...
אָפּצוגרונטעווען אָדער צו בייצן מיט אייל אָדער אַ
בייץ־פֿליסיקייט„, יִשפּ 3 ,XX. „צוערשט גיט
מען די ברעטער זיך אָנזעטיקן מיט פֿעטס...
בײַ אונדז פֿאַרבער הייסט עס אָ'", בערג, בײַם
דניע□ער I.
2. דערגרייכן דעם גרונט פֿון אונטערן
וואַסער. אָ, דעם טײַך און אים אויסרייניקן פֿון
שטאָפֿן וואָס קענען אומברענגען די פֿיש.
אָפּגרופּירן — טרוו. ־פּיר אָפּ, ~(גע)גרופּירט.
אָפּטיילן אין באַזונדערע גרופּעס. אָ, תּלמידים.
אָ, זעלנערס. אָ, זאַכן ־ונג.
.
אָפּגריבלען — טרוו ־בל אָפּ, ~געגריבלט.
אָפּגראַבלען, אָפּגראָבן, אָפּרײַסן, אָפּטיילן מיט
די נעגל, מיט די פֿינגער, מיט אַ מכשיר. מיט
ז י ר — "גראָבע שוואַרצע הענט וואָס האָבן אַ
לעבן זיך אָפּגעגריבלט מיט די נעגל אין דער

פֿײַכטער ערד,,, נאָטע לוריע, דער סטעפּ רופֿט, מאָסקווע 1932. אָ, זיר אין יענעמס עסקים.
אָפּגריזשען — טרוו. ־זשע אָפּ, ~געגריזשעט.
פּפֿ. ~גריז(י)ען. 1. פֿאַרענדיקן גריזשען. ,,דער הונט האָט שוין אָפּֿגעגריזשעט דעם גאַנצן בּיין“.
2. אָפּבײַסן אַ שטיקל אָדער אַלץ. אַרומבײַסן. אָפּצופּן מיט די ציין. אָ, אַ פּיצל. אָ, ווי דער היישעריק. ,,איר גריזעט אָפּ דאָס פֿלייש פֿון מײַן פֿאָלק, איר רײַסט זיי אָפּ די פֿעל“, בּ פֿײַגענבּויס, די גאולה, נ“י 1892. ,,די קליינע קאקטוס־געצווײַגן זענען געווען אַ בּאַטעמטער בּיסן פֿאַר זײַנע שאָף, וואָס פֿלעגן זיי אָ, בּיז צו די סאַמע וואָרצלען“, אַש, משה. “וואָס, זי וואָלט אים עפּעס אָפּעגריזשעט,,, ווײַס, 'בּערל

אָפּגריסן

און שמערל'. פֿיג. ,,אָפּצוגריזען טערפּקע שטיקלעך זוהר“, ד. י. זילבּערבּוש, סקיצען, ווין 1921. אָ, אַ בּיינדל = פּראָפֿיטירן. האָבּן נוצן. כאַפּן אַ זײַטיק פֿאַרדינסטל. ,,בּײַ דער טראַנסאַקציע האָט ניט איינער אָפֿגעגריזשעט אַ בּיינדל“. מיט ז י ך — זיך אָפּערגערן. אָ,

זיך דאָס האַרץ. ־עניש.
אָפּגרייזלען — ← אָפּקרײַזלען.

-

אָפּגרייזען — טרוו. ־זע אָפּ, ~געגרייזעט.

□i□1)gro(a□:(:□>. אָפּצוימען אַן אָרט, אָפּגרענעצן מיט אַ פּלויט. „די גרעבּער האָט ער אַ באַפֿעל געגעבן זיי זאָלן דאָס אָרט באַלד אָ, און אַ סימן אויף 'פֿאַרנומען, מאַבן„, נס, מישפּאָכע מאשבער, מאָסקווע 1939. „האָט ער פֿאַר אונדז אָפּגעגרייזעט אין הויף אַן אמת פֿוטבאָלפֿעלד„, מ קאָבריאנסקי, סאָוו, היימלאַנד, 1963, No 1.

אָפּגרייפּלען — טרוו ־פּל אָפּ, ~געגרײַפּלט.

□-

<גרויפּ, גרײַפּל. פֿר. צוטיילן דעם ביסן. זײַן קאַרג. אָ, דעם ביסן אין טעפּל.

אָפּגרילן — טרוו גריל אָפּ, ~געגרילט.

ll□][g] o□:□>. אָפּברענען. אָפּבראָטן. „דער פּרימוס איז אומגעפֿאַלן און דער איבערגעקערטער טאָפּ מיט הייסער קאַווע האָט דעם קינדס פּנימל ממש אָפּגעגרילט, אַ פּנים פֿון אַ פֿאַרזעניש, לא עלינו„, י. מאניטש, כוח פֿון גלויבן,

רמת השרון 1968.
אָפּגרילצן — גרילץ אָפּ, ~געגרילצט. אוטוו
— 1. פֿאַרענדיקן גרילצן. 2. גרילצן אַ
לענגערע צײַט. „אַ זינגער... האָט אָפּגעגרילצט
... 25 יאָר, פֿײַערט ער אַ יובֿל, עס טוט זיך
מעשׂים“, בֿלעטער, 3 .No 31.ריידן, שרײַען.
זינגען אויף אַ הויכן אומאַנגענעמען קול.
„מ'טאָר נישט רוען, מענטשן! — גרילצט לאַנג
אָפּ אַ קול איבֿער דער טונקלקייט“, אָקרוטני,

א בֿויס אין ווינט, לאָדזש 1948. טרוו — עפּעס
אַרויסבֿרענגען מיט אַ גרילצנדיקער שטים. אָ,

.

אַ רעדע, אַ ליד ־עניש.

.

אָסגרימירן — טרוו. ־מיר אָפּ, ..„(גע)גרימירט.
פֿאַרענדיקן גרימירן. אָ אַזוי אַז די אייגענע

,

מוטער זאָל ניט דערקענען. אויך מיט ז י ך.

־ך ג.
אָפּגרימסלען — טרוו. ־פּל אָפּ, ~געגרימפּלט.
פֿאַרענדיקן גרימפּלען. אָ אַ ניגון אַז עס כאַפּט

,

אָן אַ חלשות ־עניש.

·

אָסגרינען — גרין אָפּ, ..,געגרינט. אוטוו — אויפֿהערן צו גרינען. ,,מיטן אָנקומען פֿון האַרבסט גרינען אָפּ די פֿעלדער,,. טרוו — מאַכן גרין, אָפּפֿאַרבן אויף גרין. ,,די וואַרעמע פֿרילינג־זון האָט אָפּגעגרינט פֿעלד און בוים,,

אָפּגריסן — טרוו. גריס אָפּ, .־,געגריסט.
1. צוריקגריסן. ,,אָ, מיט אַ גוט־יאָר פֿאַר אַ גוטן־טאָג‟. 2. באַגריסן פֿון יוצא וועגן. ,,אַ כאפּ געטאָן די האַנט צום קעפּ, אים אָפּגעגריסט,,, אָפּא, 'לילי',. מיט ז י ך — ,,ער האַט זיך גאָרנישט געהאַלטן גרויס, יעדן זיך אַפֿגעגריסט,,, פּרץ, 'בשעת מגפֿה,.

אָפּגרע'נעצן
אָפּגרע'נעצן — טרוו ־נעץ אָפּ, ~געגרענעצט.
1. דורכפֿירן אַ גרענעץ, מאַכן אַ גרענעץ, אַ צוים. אָפּטיילן. ,,זאָלסט ניט פֿאַררוקן דעם גרענעץ פֿון דײַן חבֿר, וואָס די פֿריִערדיקע האָבן אָפּגעגרענעצט‟, תּי, דבֿרים יט, 14. ,,די פֿירענעאישע געבירגע... גרענעצן אָפּ פֿראַנקרײַך פֿון שפּאַניען,,, אמד, דיא אומוועקסלונג, ווילנע

2 .1877. אָפּשיידן, מאַכן, שאַפֿן אַ חילוק.
,,דער טעריטאָריאַליזם איז דער הויפּט־צייכן...
וואָס גרענעצט אונדז [די פּאַרטיי] אָפּ פֿון
אַנדערע‘‘, י סעקאָדער, די פֿאָלקס שטימע, נ‘‘י,
דעצ, 1910. ,,מײַן טאָג פֿון נאַבט כ'האָב
אָפּגעגרענעצט שאַרף, זיי זאָלן איינם אין צווייטן
זיך ניט שפּיגלען,,, האַל, מ.ן אוצר.
מיט ז י ך — 1. מאַכן אַ גרענעץ אַררם זיו.
זיך אָפּזונדערן, זיך אָפּטיילן פֿון אַרום. זיך
אָ, מיט אַ מויער. ,,צי איז עס מעגלעך אַז
אייראָפּע זאָל זיך קענען אָ, פֿון רוסלאַנד מיט
אַ ריין־פֿיזישן גרענעץ?‘‘ דער אידישער
ארבייטער, לאָנדאָן 1902, ז, 43. ,,דאָרטן האָבן מיר
פֿאַר אונדז דאָס שטרעבן פֿון איין נאַציאָנאַלער
גרופּע זיך אָפּצוגרענעצן פֿון דער אַנדערער,,,
זשיט I י, נ,,י 1912, ז, 72. 2. אַראָפּנעמען
פֿון זיך אַחריות, ניט וועלן האָבן קיין חלק.
זיך אָ, פֿון די לעצטע באַשלוסן. ־ונג —
‘‘דער אַלטער ייִדישער אינסטינקט פֿון אָ', פֿון
מחיצה צווישן גאָט און מענטש איז בײַ זיי
געוועזן צו שטאַרק,,, קאָר I, ז, 218.
אָפּגרעפּץ — דער, ־ן. אויך: ~גרעפּס.
1. אַקט אָדער פּראָצעס פֿון אָפּגרעפּצן (זיך).
2. קלאַנג ווען אַ גאַז ווערט אַרויסגעשטויסן פֿון

מאָגן דורכן מויל. „נאָכן עסן קומט דער אָ'„.

3. (אומאיידל) אָפּקלאַנג, עכאָ. נאָכווייעניש נאָך עפּעס וואָס איז ניט גוט. דאָס אָפּרופֿן זיך, דאָס אַרויסכאַפּן זיך. אַן אָ, פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. „עס איז אַן אָ, פֿון דער סלאַנסקי־אַפֿער“,

בצג, טמן, 23 ׳7׳19 III.

אָפּגרעפּצן — גרעפּץ אָפּ, ׳ .„געגרעפּצט. פּפֿ: ~גרעפּסן, ~גרעפּצען. אוטוו — אַרויסשטויסן גאַזן פֿון מאָגן דורכן מויל מיט אַ קלאַנג. אָ, נאָכן זאַטן מיטאָג. זאַט אָ'.

אקוזוו — 1. ארויסברענגען עפּעס מיט אַ גרעפּץ. „אויב א קינד טרינקט צו האַסטיק [פֿון פֿלעשל]... מוז מען... דאָס קינד אַ הייב טאָן און קלאַפּן אַ ביסל אין פּלייצקע, ס'זאָל אָ, די לופֿט„, דר, ג. ריטער, דער ארומגאנג און די פֿלעגע פֿון א זויגקינד, וואַרשע 1926.

2. אָפּשטויסן. קריגן אין מויל דורך אַ גרעפּץ דעם נאָכטעם פֿון אויפֿגעגעסענעם מאכל. אָ, דעם טשאָלנט. אָ, דעם רעטעך. 3. (אומאיידל) אָפּרופֿן זיך, אַרדיסכאפּן זיך מיט עפּעס וואָס מע האָט גײַסטיק ניט ריכטיק פֿאַרדײַט. אָ, די איינזײַטיקע לערע פֿון זײַן רבין.

מיט ז י ך — „מיט וואָס מען עסט זיך איבער

דערמיט גרעפּצט מען זיך אָפּ“, שוו. ,,נאָכן
מיטאָג שלינגט ער סאָדע: בײַ אים גרעפּצעט
זיך אָפּ דאָס עסן,,, י. פֿרידמאַן איבּז, ר. כ.
סענדער, מאגנעמ, מינסק 1935. ,,דאָס וועט ניט

1755

געשאָנקען זײַן (ווערן). עס וועט זיך זיי דאָס
אָ'“ ־עניש.
.
אָפּדאגהן — [... דײַגען] אַקוזוו. דאגה אָפּ,
▯ ,,געדאגהט. 1. אַ לענגערע צײַט
פֿאַרבּרענגען אין דאגות, זאָרג(ענישן). אָ, אַ נאַכט און
ניט קענען צומאַכן אַן אויג. 2. אויפֿהערן
דאגהן. ,,שוין אָפּגעדאגהט. איצט מעג מען אַ
הוליע טאָן,,. ־עניש.
אָסדאַוו(ע)נען — טרוו. דאַוון אָפּ, ~געדאַוונט.
1 פֿאַרענדיקן דאָס גאַנצע דאַוונען אָדער אַ
.
באַזונדערע תּפֿילה. מע האָט שוין אָפּגעדאַוונט
(שחרית אאזוו). ,,ווען מע דאַוונט אָפּ
שמונהעשרה, איי [=איידער] דאָס ציבּור האָט
אָפּגעדאַוונט, טאָר ער זיך נישט אומקערן מיט
דעם פּנים צום עולם, רק האַרן בּיז דער

שליחציבור גייט אויס שמונה־עשרה,,, שלחן ערוך, א״ח, אָרט? יאָר? [זשאָלקעוו? אָנהייב 19. י״ה].
,,אַז דער בע,,ש ־האָט אָפּגעדאַוונט מוסף, האָט ער אים גאָר קיין תּשובֿה ניט געזאָגט,,, שבחי בעשט ,,רבֿ ספֿרא האָט אַמאָל געהאַט צו פֿאַרקויפֿן סחורה. איז געקומען אַ סוחר צו אים בשעת ער האָט גערדאַוונט... האָט אים רבֿ ספֿרא ניט געענטפֿערט. [האָט דער סוחר אָנגעבאָטן אַ גרעסערן מקח] דערנאָך אַז רבֿ ספֿרא האָט אָפּגעדאַוונט, האָט ער זי אים פֿאַרקויפֿט אויף דעם ערשטן מקח״, ר, אליהו די ווידאַשׂ, איבֿז, אור עולם, יוזעפֿאָוו 1846.
2. ענדיקן דאַוו(ע)נען אויף דער גיך, אָן כּוונה. ,,דיזע מענטשן ווילן ניט דאַוונען נאָר אָ', דאָס הייסט אַ חובֿ פּטרן״, אמד, הונדערט פֿראַגעס אונד אנטוואָרטן, ווילנע 1869, ז, 26.
,,דער פֿאָטער מוסרט אים: שוין אָפּגעדאַוו(ע)נט?,,. ,,ער האָט נישט געטראַכט, אַזוי ווי מיר, ווי נאַך שוין געשווינדער אָפּצודאַוועגען און אַהיימלויפֿן אָנבײַסן,,, ה ל זשיטניצקי, 'משהלע'. ,,אין 'אָפּגעדאַוונט, שטעקט אַ זלזול צום דאַוונען,,, דר, ישׂראל רובין, פֿונדאַנען אַהין, ת״אָ 1952. ״געכאַפּט דאָס תּפֿילין־זעקעלע ... און געלאָפֿן אין בית־מדרש אין דער גיך

אָ,,,, ממוס, ווינטשפֿ 3. דאַוו(ע)נען אַ לענגערע צײַט. ״זיי האָבן דאָ אָפּגעדאַוונט אַלע יאָרן,,, חג 4. אָפּשאַפֿן, בטל מאַכן דורך דאַוונען. ״געהויבן צום הימל כעטנדיקע הענט, אָפּרופֿן, אָפּזינגען און אָ, געפּרווּוט אַ גזר וואָס האָט געשיקט צו אים סיגנאַלן,,, צײַט, גש I, ז, 83.
5. אויפֿהערן שפּילן אַ ראָלע. ,,ער האָט שוין אָפּגעדאַוונט, ער איז אַראָפּ פֿון מאַרק״. 6. פּלוצלינג שטאַרבן. אָ, און אַ גוטן טאָג.
אָסדאַך — דער, ־דעכער (־דאַכן). פֿקפּ. ־דעכל (־דאכל). 1. געבוי וואָס באַשטייט פֿון אַ דאַך, אָן ווענט, וואָס האַלט זיך אויף סלופּעס (זײַלן, שטאַנגען) צו באַשיצן עפּעס אָדער עמעצן פֿון אטמאָספֿערישע שינויים. אַן אַ, פֿאַר היי. אַן אָ, איבערן גאַניק. אַן אָ, בײַם אויטאָבוס־אָפּשטעל. זיך שטעלן אונטער אַן אָ'. ביים גאָס־רעגן צולויפֿן צום אָ'. ,,עטלעכע הײַזער פֿאַר די אַרבעטער, אָפּדעכער און שפּײַכלערס פֿאַרן טאַרף״, זק איבז, מעשׂיות וועגן ערד, בערלין

אָפּדאַכטעניש

1922. ,,די לאַנגע טישן אונטערן אָ, זײַנען גרייט סערווירט״, טאָז, וואַרשע 7 1930, No־8. ,,ער האָט

געמאַכט פֿינצטערניש זײַן פֿאַרבאָרגונג רונד אַרום אים, זײַן אָ',,, נגתּ, יח, 12. ,,זיך געמוזט באַגיין אָן פֿיל נויטווענדיקייטן, אָפֿטמאָל אָן אַן אָ'‘‘, פֿאש, 1960 ◻ 1.

2. אָרט וואו צו לעבן. הויז. היים. ,,די אַלע ייִדן וואָס זײַנען געבליבן אָן אַן אָ,,,, יק. ,,די אומגליקלעכע קראַנקע זאָלן... האָבן ברויט אַרן אַן אָ'‘‘, ש ליווען איבז, דר, א. א. גאָלדשטיין, צומישווג און מש וגעת, פּיעטריקאָוו, [תּרס,,ט]. ,,האָט די סיטרא־אַחרא אויף די כאַפּונער בלאָטעס איינעם פֿון אירע אָפּדעכער,,, דר, נ ברוטילאַוו, בײַ די טײַכן פֿון פּאַלעסיע.

3. אָפּרו. אָפּשטעל. ‘‘איצט ווען מיר שוין יאָגן [די דײַטשן] אָן אָ,... מיר פֿאָרן אָן אַן אָ'. אַ סך פֿערד ווילן שוין ניט גיין‘‘, ש. ברעגמאַן, דורך קריג און רעוואָלוציע I, אַדעס 1931, ז, 50. 4. פֿיג. שוץ, באַשירעמונג. ,,די ייִדישע רעליגיע — דער אָ'‘‘, כּ ריווקין, גרונט־טענדעוצן .

אָפּדאַכט — דער, ־ן. דזוו אָפּדוכט ◻)..

אָפּדאַכטיק — ← אָפֿדוכטיק.

אָסדאַכטן זיך — אומפּ דאַכט זיך אָפּ, זיך ~געדאַכט. פּפּ ◻,־דוכטן זיך. 1.

אויסדאַכטן זיך (ז. 210) אויף אַ קורצער ווײַלע, אויסווײַזן זיך. „עס דאַכט זיך מיר אָפּ אַז ס'איז מײַן באַקענטער“. „עס פֿלעגט זיך שוין... אָ, דאָס ער זעט דאָס מיט די אויגן... זעלבסט די זאַכן וואָס איז גאָר געווען ניט געשטויגן און ניט געפֿלויגן“, אמד, דער בעל שם אין די זארנעס, ווילנע 1869. „דאָרטן [אין מוסרה] האָבן זיי באַקלאָגט אַהרנען. האָט זיך אָפּגעדאַכט גלײַך ווי אַהרן וואָלט דאָרטן געשטאָרבן“, א מאָלקאָוו, ספֿר דרך אמת, וואַרשע 1894. „איך האָב אַ טעות געהאַט, מיר האָט זיך אָפּגעדאַכט“, אר, 'גבֿירה'ש מצח'. „ס'האָט זיך דאַן מיר אָפּגעדאַכט אַז איך אַליין נאָר און דער בוים געפֿינען זיך אין גאַנצן טאָל“, יהואָש, ,דעם בוימס נשמה,.

2. עס זעט אויס. עס איז מעגלעך, אָבער מען איז ניט זיכער בײַם אַרויסזאָגן עפּעס. „עס דאַכט זיך מיר אָפּ, אַן מײַן ברודער איז אויך געווען דערבײַ“. „איצט דאַכט זיך אים אָפּ אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע“.

3. דריטפּערזאָניק דערזען, דערהערן, דערפֿילן אין פֿאָרעם פֿון אַן אומקלאָרער שפּירונג, איבערלעבונג. “עס דאַכטן זיך אָפּ ווײַטע געשרייען“. “אים האָט זיך שוין פֿריִער

אָפּגעדאַכט פֿעסטע מענטשנטריט, און דאָ זײַנען
זיי בײדע אַליין", מ גליק, דיא סוכּה אין
וואַלד , ווילנע 1914. ־ונג.
אָפּדאכטעניש — דאָס (די), ־ן. פֿפּ ~
דוכטעניש. 1. דאָס וואָס עס דאַכט זיך אָפּ,
אָדער דער עצם סראַצעס פֿון אַפֿדאכטן זיך.
לעבן מיט אָ'ן. זיך קוויקן מיט אָ'ן. "נאַרט מען
זיך אַליין נישט ווילנדיק... מע מיינט אַז מען

אָפּדאַכלאָז

איז אויף אַ דרך, און סך־הכּל איז עס אַן אָ',,,
צײַט, איק, פּסח תּשכ,,א. ,,די אָ'ן וועגן
בײַבאַטײַטן [פֿון ווערטער] זײַנען אַ קאַפּריזנע און
יחידישע ספֿערע אין סעמאַנטיק", ימ, ייִשפּ
X, 1 . ,,צי איז אַלץ וואָס איז... פֿאָרגעקומען
אויך ניט מער ווי אַן אָ'?", ל. אָליצקי,
ישיבֿהל ט, תּ"אָ 1968.
2. מיינונג, אַרויסזאָגונג וואָס איז ניט
בהסכּם מיט דער וואָר. ניט קיין שליסל צו אַ
רעטעניש, נאָר אַן אָ'. ,,אַז ער וועט געווינען בײַ
די וואַלן איז געווען ניט מער וו אַן אָ'".
י
אָפּדאַכלאָז — אדי. וואָס איז אָן אַן

אָפּדאַך. אַן אָ'ער פּליט. „ער האָט אָ, געוואַנדערט אויף דער וועלט“, ד עדעלשטאט, שריפּטן, לאָנדאָן 1909, ז, 143. אויך: אָ'יק — „מע שרײַבט וועגן די אָ'יקע אין די גאַזעטן“, מוישע טײַטש, כאַוועד ווויליעס טויט, 1931. ־יקייט — „חוץ דעם עלנט און פּײַן און הונגער, אָ, און פֿולשטענדיקע פֿאַראָרעמונג“, דר, א. ירושלמי, אין גאַנג, רוים, אַפּריל־מײַ 1947

אָפּדאָלבּען — טרוו ־בּע אָפּ, ~געדאָלבּעט. פֿאַרענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט דאָלבּען, אָפּהאַקן מיט אַ דלאָטע אָדער אַן ענלעכן שאַרפֿן אינסטרומענט. אָ, אַ לאַנגן שפּליטער.

אָפּדאַמבּען — טרוו ־בּע אָפּ, ~געדאַמבּעט. נעאָל. אָפּשטעלן, אָפּגרענעצן אַ שטראָם מיט אַ דאַמבּע. „בּיי אונדז לעבּן מערעטש דאַרף מען אָ, דעם ניעמאַן, וואָלט געווען עלעקטרע פֿאַר דער גאַנצער געגנט“, רייד (מערעטש, ליטע). ־דן . .

אָפּדאַמסן — טרוו. דאַמף אָפּ, ־.־,געדאַמפּט.

פּפּ. ..־,דאַמפּן. דורכנעמען מיט דאַמף, מיט פּאַרע. רייניקן וואָלענע שטאָפֿן דורך אָ'.

אָפּדאַנק — דער, ־ען. 1. אַקט פֿון אָפּדאַנקען. אַ האַרציקן אָ,. 2. זאַך, מתּנה ווי א קאָנקרעטער סימן פֿון אָפּצאָלן מיט דאַנק פֿאַר עפּעס. "... בּאַקוקט דער רבי דעם ישובניק און זײַן רײַכן אַ'", שלום מידער,

אנטיקלעריקאלע פֿאָלקס־מ־סעס, מאָסקווע 1940.

אָפּדאַנקען — דאַנק אָפּ, ~געדאַנקט. אוטוו — 1. אויסדריקן אַ דאַנק מיט וואָרט, זשעסט אָדער טואונג. אָ, מיט די וואַרעמסטע ווערטער. אָ, דיר (איר) פֿאַר דער טובֿה פֿאַרנייגן זיך

פֿאַר דער דאַמע און אַזוי שטומערהייט איר אָ,. שיין אָ, אים פֿאַר זײַן גוט האַרץ. „פֿאַר אַלץ וואָס דו געניסט, דאַנק אָפּ גאָט", אלצ, תּוכחת חיים, ווילנע 1865, ז, 80. מײַן ליבע ייִדענע, לאָזט מיך אײַך כאָטש אָ,", ספּ, סודות. "אַז ער וועט יאָ הנאָה האָבן פֿון זיי, וועט ער דאָך מוזן זיי לויבן און אָ, פֿאַר דעם", חה III, ז, 295. "זאָל אַן ערל ניט זאָגן אַז... [אַ ייִד] וו יסט ניט ווי אָפּצודאַנקען,,, ממוס, 'דער

חילוף'.

2. איר. אָפּטאָן שלעכטס פֿאַר גוטס. אָ, מיט שטיינער. ווייסט איר מיט וואָס אײַער טאָכטער האָט מיר דערפֿאַר אָפּגעI אַנקט?‘‘, ז פֿײַנמאַן,

חנה'לע די נעהערין, פּשעמישל 1909, ז, 7.

1756

‘‘אַ בער בלײַבט אַ בער, זע נאָר ער זאָל אונדז אַמאָל ניט אָ',,, שע, פֿון פּסח ביז פּסח.

3. אָנגעבן אין דעמיסיע. רעזיגנירן פֿון אַ חשובֿן אַמט. אַבדיקירן. אָ, פֿון אַ שטעל(ע). ,,דער גאַנצער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט אָפּגעדאַנקט‘‘. ‘‘די צוויי קסרים... האָבין אָב גידאַנקט...‘‘, ר, זלמן הענא איבז, צמח דוד, פֿפֿדמ תנ‘‘ח. ,,גיבן איר אַן עצה, זי זאָל אָ, פֿון דעם טראָן צו גונסטן פֿון איר יונגן קרוינפּרינץ‘‘, קמ, 1865 28, No. ,,די האַבסבורגער דינאַסטיע אין ווין האָט געמוזט אָ'‘‘, הרבֿ י. י. זיכערמאַן, נחלת יעקבֿ, נ‘‘י תּשכ‘‘ו, ז, 161.

4. אויפֿהערן, ווערן אויס. ,,... הײַנט האָט ער אין מיר פֿאַרגעסן, אונדזער ליבע האָט שוין לאַנג אָפּגעדאַנקט‘‘, פֿל [ליבע־לידער פֿון גנבֿים,

פֿש I].
5. שטאַרבן. „דער אַלטיטשקער האָט שטילערהייט אָפּגעדאַנקט“.
מיט ז י ך — אײַנקויפֿן פֿאַר אַ חבֿר און זיך אַליין אָ, מיט פּופּציק פּראָצענט מעקלערײַ. אַוועק צום בעל־טובֿה אויף אָפּצודאַנקען זיך.
־ונג. ־עכץ. ־עניש. ־ערײַ.
אָפּדאָסן — טרוו. דאָס אָפּ, ~געדאָסט. גראָב.
1. פֿאַרענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט דאָסן.
2. באַמאַכן, באַדאָסן. ער האָט אים אָפּגעדאָסט פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס. 3. במקום־ווערב פֿאַר אַלע סיטואַציעס וואָס בינדן זיך מיט אָפּנאַרן. "זײַן שותּף, דער תּכשיט, וועט אים אַוודאי אָ'". „אויב ס'איז מעגלעך עפּעס אָ'... אָפּרײַסן מיין איך, אויסדינגען...", שע, קאָמעדיעס. 4. במקום־ווערב פֿאַרן פֿאַרענדיקן אַן אַרבעט זייער שלעכט. אָ אַ שטיקל אַרבעט.
,
אָ אַ פּאָר שיך. 5. שפּאַסיק. האַלטן אין איין
,
זאָגן „דאָט, דאָס...". געזעסן אַ צוויי שעה און אַלעמען אָפּגעדאָסט אין די אויערן. 6. וואול. האָבן סעקסועלן פֿאַרקער.

אָפּדאַצן — טרוו. דאַץ אָפּ, ־,געדאַצט. 1.
געווינען בײַ עמעצן אין אַ שפּיל אַלץ וואָס ער
האָט. אָ, דעם מיטשפּילער, אים לאָזן נקי. אָ,
אַלע קינדער. אָ, די ניס (קנעפּלעך) בײַ אַלע
קינדער. „ער האָט אונדז אַלע אָפּגעדאַצט ביז
אין לעצטן גראָשן", ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל,
אַדעס 1895. „בײַ דעם ניס־שפּילן איז ער [דער
נוס דער צווילינג] אים שטאַרק מזלדיק געווען
אייף אָפּצודאַצן די קינדער", ממוס, ווינטשפּ.
„אָ, האָט געהײַסן אָפּגעווינען בײַ יענעם דאָס
גאַנצע געלט", באַש, פּאָר, 1 1958 III. „
אָפּגעווינען דאָס גאַנצע געלט... , אָבער אָ, איז
קרעפּטיקער", אפּא, איק, ר"ה תשכ"ז.
2. שווינדלעריש געווינען. אויסנאַרן בײַ אַ
שפּיל. „ס'האָט אונדז אָפּגעדאַצט אַמאָל דאָס
לעבן, אָפּגעוואונען אַלע קנעפּלעך", אפּא,
שקיעה 3. בכלל אָפּנאַרן, אַרויסקריגן
עפּעס געלט אומערלעך. "אָפּפּרײַערן הייסט עס?
אָ'?... און טאָמער לאָמיר פּרוּוון אונדזערע
געשעפּטן אָפּטאָן פּראָסט, אָן שווינדלערײַ?",
נ. לוריע איבּז, מ. גאָרקי, אַ מענטש בײַ. לײַטן,
קיִעוו 1935. 4. ספּעצ צוריקגעווינען. פּריִער

אָפּדוכט

פֿאַרשפֿילן די קנעפּלעך (ניס) און דערנאָך זיי אָ'.
5. האָבן סעקסועלן פֿאַרקער מיט אַ פֿרוי דורך
אָפּנאַרן, אַרײַננאַרן. אָ, די נאַרישע נעכלע.
־עכ ן. ־עניש.
אָפּדאַרן — אוטוו. נייטראַל אין פּאם פֿאָרעם.
דאַר אָפּ, ~געדאַרט. 1. פֿאַרטריקנט ווערן.
,,איין בוים דער דאָ גיפֿלאַנצט איז בײַא איין
באַך וואַשׂר... אונ זײַני בלעטר טון ניט...
אָב דאַרן", נײַאי תּחינות ובקשות, הומבורג,
פֿאַר תּפּ"ט. ,,דער וואַלד האָט אָנגעהויבן
קרענקען... דאַרן און קוואַרן, ביז ער איז
אָפּגעדאַרט געוואָרן,,, פּרץ, חסידיש. 2.
פֿאַרטריקענען. "... האָבן גיבלאָטרט [=געפּאָקט],
ברחמי ה, וברוב חסדיו... היפּש אָב גידערט,,,
פּראָגב, 41.
3. געליימט ווערן. ווערן אָפּגענומען. ,,אויב
איך וועל דיר דערלאַנגען אַ שמיץ, בידנע
שקאַפּע, לאָז מיר אָ, מײַן רעכטע האַנט", ממוס,
קליאַטשע קללות אָ, זאָל(ן) אים די הענט
(הענט און פֿיס); די צונג זאָל אים אָפּגעדאַרט
ווערן. ,,זע, טאַטע, ווי ער קושט רבֿקהן. אָ,

זאָלן אים די ליפּן", יעקב גאָרדין, דיא געבּרודער
ל◌ריא, וואַרשע 1907, ז, 40.
4. טרוו מאַכן דאַר, אײַנטריקענען. ,,דעם
ווייץ צום ערשטן טוט אָ, אין אויוון", ר, אַהרן
מטריבש, ספֿר מצח אַהרן, וואַרשע תּר"ג, ל/א.
,,דער קאַמף האָט אים נישט אָפּגעדאַרט",
[בּונד], זבֿ, פֿאַר'ן זונען אויפֿגאַנג, 1898. מיט
ז י ך. ־ונג. ־עניש.
אָפּדבּרן — [... דאַ'בּערן] טרוו. דבּר אָפּ,
◌י.־,געדבּרט. 1. פֿאַרענדיקן רעדן אָדער טענהן
(מיט בּיטול). ,,ווידער איר? נאָך נישט
אָפּגעדבּרט?", אפּא, ווײַסע שטאָט. 2. פֿאַרענדיקן
אַ דרשה. איר. 3. אָפּרעדן עמעצן פֿון טאָן
עפּעס, אָ, דעם יונג ניט צו קריכן וואו מע
דאַרף ניט.
מיט ז י ך — 1. אָפּשמועסן זיך. 2.
אויסטענהן זיך (מיט כּיטול). זיי ווען זיך שוין אָ,
וו אַזוי צו טאָן ־ניש.
י
.
אָסדודלען — טרוו ־דל אָפּ, ~געדודלט.
1. פֿאַרענדיקן שפּילן אויף אַ פֿײַפֿל, אויף אַ
דודעלע. אָ, מעלאָדיע. 2. אַ לענגערע צײַט
שפּילן אויף אַ דודע. 3. אָפּנאַרן, אַרײַננאַרן.

אָ, דאָס איידעמל אויף קעסט וואָס גייט צום ערשטן מאָל אין מאַרק אַרײַן.

אַסדו'(י)עליס — דער. מצ נבּ. ־o a] ..

lu]e]i). לר, שאַקי & אומג.,. מטורף. משוגענער. אַוועקשטעלן זיך קריגן מיט אַן אַ'.

אָסדויערן — אוטוו ־ער אָפּ, ~געדויערט.

.

1. געדויערן מער צײַט ווי מע האָט געמיינט לכתּחילה. 2. געדויערן און זיך פֿאַרענדיקן. "אַזוי האַט אַפֿגעדויערט אַ חודש", א. בּערגמאַן, קאָצקער מעע)יות, וואַרשע 1929, ז, 7.

אָפּדוכט — דער, ־ן. פּפּ ~דאַכט. לד.

אָפּדאַכטעניש (.). אָפּדוכטעניש. אַן אָ, פֿון אמת און פֿאַלשע טענות. ,,אַלץ איז אָ, און איז

אָפּדוכטיק

וואָר", צײַט, גש I. ,,אַן אָ, נאָר פֿון אַ קלאַנג הייבּט זיי אויף פֿון געלעגער", יע)ק, שליאַד און אומוועג, ז, 272.

אָפּדוכטיק — אַדי. נעאָל אָפּדאַכטיק. וואָס עס דוכט זיך אָפּ. אילוזאָריש. אַן אָ'ע דערגרייכונג. ־יקייט.

אָפּדוכטן זיך — דזוו אָפּדאַכטן זיך. לד
“אַלעמאָל זאָל זיך דער מענטש בײַ זיך אָ, דאָס
אַז ער האַלט שוין כּײַם שטאַרבּן”, י. ל.
אָסעי
לאָוויץ, תּוכחת מוסר (רמבּ,,ם), ווילנע תּרל“ו,
פּו. ,,איך זאָג ניט... וואָס עס דוכט זיך מיר
אָפּ; ניין, איך האַבּ דאָס געהערט מיט מײַנע
אויערן,,, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. ,,דו
בּיסט אַ פּרויענצימער מיט שוואַכע נערוון, איז
דעריבּער ווייס גאָט וואָס דיר קען זיך אָ,,,,
פֿרײַלין טויבּע סעגאַל, עולם המע)ה, וואַרשע
1883. ,,עס האָט זיך אים אָפּגעדוכט אַז זײַן
געשטאָרבּענער ייִנגעלע ווײנט עס“, י בּודזאָהן,
דער גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927, ז, 23.
אָסדוכטעניש — די, ־ן. דזוו אָפּדאַכטעניש.
לד ,,איר צווייטע אָ, אין ליבּע...,,, בּ ריווקין,
אונדערע פּראָדאַאיקעך, ז, 184.
אָפּדוכטעריש —אדי נעאָל. וואָס עס קען
זיך גרינג אָפּדוכטן. ,,זאָל מען פֿון חשבּון
אראָפּווארפֿן די ניט מער ווי אילוזאָרישע, אָ'ע
אויפֿטוען“, ימ, די נײַע שול, 1930.
אָפּדוכנען — אוטוו. דוכן אָפּ, ..,,געדוכנט.
1 פֿאַרענדיקן דוכנען. ,,די כּהנים האָבּן
אָפּ.

געדוכנט און זײַנען אַראָפּגעגאַנגען‘‘. 2.
בּמקומוווערבֿ פֿאַר פֿאַרשיידענע טואונגען וואָס ברענגען
ניט קיין רעזולטאַט. „איך האָבֿ אָפּגעדוכנט
מיט אים צוויי שעה און גאָרניט געפּועלט‘‘.
‘‘אָפּגעדוכנט איבֿער איר [דער קו] שוין בּאַלד
אַ שעה, צום לעצט דאָס מעלק־שעפֿל בּאַנעצט„,
אשט, משלים, ת‘‘אָ 1969, ז, 92. 3. אויפֿהערן
צו שפּילן אַ ראָלע, צו זײַן חשובֿ. 4. שטאַרבֿן.
אָפּדולן — דול אָפּ, ~געדולט. אוטוו —
אָפּטומלען. אָ, און אַוועקגיין. טרוו
פֿאַר ---

דרײַען אַ קאָפּ.
מיט ז י ך — אַפּפּטרן צײַט מיט עמעצן אָדער
עפּעס (אָן דערפֿאָלג). „ער האָט זיך מיט אים
אָפּגעדולט צוויי שעה און ניט געקומען צו אַ
טאָלק‘‘. ‘‘דער זייגערמאכער האָט זיך אָפּגעדולט
מיטן זייגער אַ האַלבֿן טאָג און — אומזיסט,
אַרויסגעוואַרפֿן‘‘.
אָסדונערן — ־ער אָפּ, ~געדונערט. אוטוו,
דריטפּערזאניק — 1. פֿאַרענדיקן דונערן.
דונערן גאָר אַ קורצע צײַט. „עס האָט אָפּגעדונערט
און אַ רעגן האָט אַ גאָס געטאַן„. ‘‘אַ צווייטער
שאָס האָט בּאַלד ווידער אָפֿגעדונערט‘‘, דר, מ.

דעמבראָווטקי, מיט די קאָזאַקן איבער בוקאָווינע און גאליציען, ווילקאָווישק, יאָר? 2. דונערן א לענגערע צײַט. "שאָסן פֿון האַרמאַטן דונערן אָפּ אַ גאַנצן מעת־לעת". טרוו — ארויסגעבן באַפֿעלן מיט אַ דונערדיקער שטים, הויך ויסשרײַען. "מאַרש! ־ דונערט אָפּ בערנאַרד — די ריי גייט!", ישק, שליאַך און אומוועג, ז, 240.

1757

אָפּדוראַקעווען — טרוו ־קעווע אָפּ, ~(גע)־דוראַקעוועט. סל. מאַכן צום נאַר(ן). „ער שפּילט אַזוי גוט דעם טויבן דיין, אַז ער קאָן מיך אָ'?", ל. פֿאָרעם, פֿאָר, 18 XI 1969.
אָפּדורען — טרוו ־רע אָפּ, ~געדורעט. סל. אָפּנאַרן עמעצן. צו קלוג מע זאָל אים קענען אָ'. ־עניש. „ער האָט אים אָפּגעדורעט און — פֿאַרפֿאַלן". מיט ז י ך — רעפֿל.
אָפּדושן — טרוו. דוש אָפּ, ~געדושט. אָפּשפּריצן מיט אַ דוש. געוויינטלעך מיט ז י ך. ־עכ ן. ־עניש.
אָפּדושען — טרוו ־שע אָפּ, ~געדושעט. 1. דזוו אָפּדיכען (←). 2. דערשטיקן. „דער טכויר האָט אָפּגעדושעט אַלע עופֿות". „האָט

דער וואָלף אַ באַרנדל פֿאַרצוקט, אָפּגעדושעט
אין דער פֿינצטער„, אשט, משלים I, ז, 168.
אויך מיט ז י ך — אָפּרעדן צו האַלטן בסוד.
„זיי האָבן זיך אָפּגעדושעט, קיינער זאָל ניט
וויסן“.
אָפּדזשאָבען — טרוו ־בע אָפּ, ~געדזשאָבעט.
פֿפֿ: ~דזיאָבען, ~דזיבען, ~דזשובען.
1□ .<□ :(ioba□l. אָפּגריזשען, אָפּבײַסן
פּיצלעכווײַז. „דאָס מײַזל האָט אָפּגעדזשאָבעט
שטיקלעך פֿונעם ספֿר“. 2. אָפּפּיקן מיט
אַ שנאָבל. „עסט וו אַ פֿייגעלע, דזיאָבעט
י
אָפּ אַ ברעקעלע“. פֿיג: „און נאָר מיט זײַנע
'בעסערע ייִנגלעך,... האָט ער אויך אַמאָל
אָפּגעדזיבעט פּיצינקע שטיקלעך פֿון דער רש“י„,
ד י זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען,
ווין 1931.
אָסדזשוויגעז — טרוו ־געֿ אָפּ, ~געדזשוויגעט.
□iga□י□](:□ □... אָפּשלעפּן, אָפּשטופּן עפּעס
אַ שווערס. אָ, דעם קופֿערט, אָ, די זעק מעל.
אָפּדהקותן — [... דאכקעסן] אקוזוו אַ
לענגערע צײַט לײַדן פֿון דחקות. אָ, אַ לעבן און
שטאַרבן אין פֿרעמדע תּכריכים.
אָפּדייטשן — טרוו דײַטש אָפּ, ~געדײַטשט.

-

אָפּנאַרן בּ א געשעפֿט, בײַם קויפֿן־פֿאַרקויפֿן.
י

אָ, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

אָפּדיכען — אוטוו ־כע אָפּ, ..,,געדיכעט. פּפּ:
.
~דעכען. אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָפּאָטעמען.
אַ ביסל זיך אָפּרוען. זיך פֿילן באַפֿרײַט פֿון אַ
געשפּאַנטקייט. ,,מע דערלעבט קוים דעם שבת,
אַ ביסל אָ"", ממוס, טאַקסע. אויך מיט ז י ך
— ,,האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין זײַן רידל
אום זיך עטוואָס אָפּצודיכען", א סאפֿיר, דער
קלײנער קאטערזניק, ווילנע תּרמ"ג.
אָפּדיליבען — טרוו ־בע אָפּ, ~געדיליבעט.
.
פּפֿ ,ד(אַ)לובען, ,דליבען.
אָפּקאַלופֿען, אָפּרײַסן מיט די נעגל. אָ, קאָרע פֿון בוים.
,,יעדן טאָג האָט די מאַמע פֿון אים אָפּגעדלובעט
אַזא פֿיצעלע", ווײַס II, 'דער איבערגאַנג', ז, 207.
אָפּדינגען — טרוו. דינג אָפּ, ~געדונגען.
1. ענדגילטיק באקומען דאָס רעכט צו ניצן
עפּעס פֿאַר אַן אָפּגערעדטן פּרײַז. אָ, די דירה

(דעם שפּײַכלער). אָ, אַ סאָד (אַן אַקער לאַנד).

אָפּדינען

"דער מרחץ איז ניט דעם ייִדנס,... דער יהודי האָט אָפּגעדונגען פֿון אַן עכו"ם", ר, יצחק מאָלצאַן איבּז, ר, אַבֿרהם דאַנציג. זכרו תּורת משה, וואַרשע 1898. „צײַטנווײַז פֿלעג אַזאַ מוכר־ספֿרים אָ, אין גרויסן בּית־מדרש אַ טיש בּײַם טיר פֿאַר אַ פּאָר רובּל, און זיך דאָרט אויסגעלייגט מיט די ספֿרים", יק „איינמאָל... איז אַראָפּגעקומען... איינער אַ פּאַרשוין... און האָט זיך אַרויסגעגעבן, אַז ער איז דאָס געקומען אָ, דאָס טעאַטער", שע, בּלאָנדזענדע שטערן I.

2. אַראָפּקריגן פֿון פּרײַז דורך בּאָטן וויניקער. „ער האָט בּײַ אים אָפּגעדונגען צוויי גילדן". "דער ערשטער שעמט זיך גאָרניט אויסצובעטן וואָס מער און דער צווייטער שעמט זיך גאָרניט אָפּצודינגען וויפֿל עס לאָזט זיך נאָר", בּלעטער, No 42. „ווער רעדט פֿאַר אַ פּאָר פּאָדמ אָטקעס אונטערשלאָגן — קען מען שוין בּיי י

איִם ניט אָ, קיין גראָשן", אר, 'אַבֿרהם דער שוסטער'. פֿיג. „בײַ אונדז ייִדן, וואָס מיר זײַנען דורות־לאַנג געגאַנגען אויף קידוש־השם צוליבֿ אונדזער אמונה, וועט מען דאָך קיין שום זאַך נישט אָפּדינגען„ מע זאָל זיך אַפֿילו שטעלן

,

אויפֿן קאָפּ„, צריט, טמז, 1967 IX 1.

3. פּד אַנשטאָט אָנדינגען. "... דערנאָך האָט זי [די שטאָט] אָפּגעדונגען די יתומים אויף קעסט, נאָר געצאָלט פֿאַר קעסט האָט זי נישט", פּרץ, 'שטעט און שטעטלעך', פּונקט 4.

4. אויסדינגען. פֿירלייגן מער געלט. „ער וויל אָ, די קלייס וואָס משה האָט פּרנסה פֿון איר".

מיט ז י ך — "... זאָג דעם טאַטן אַז איך האָבֿ זיך אָפּגעדונגען צען גילן אַרבעט־געלט", י קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו 1930. ־עכץ. —עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָפּדינען — אוטוו. דין אָפּ, ~געדינט. 1. פֿאַרענדיקן די צײַט פֿון דינען (ווענן אַ משרת, זעלנער אאזוו). אָ, דעם קייסער. „דין אָפּ פֿאָניען און גט דיך מיט דײַן ווײַבֿ און קום צו אונדז פֿאַר אַן איידעס", פֿל „געשטעלט זיך אין אַ

ווינקעלע פֿאַר אַ משרת, אָפּגעדינט אַ סך יאָרן“,
שע, יוגענד־ראָמאַנען. 2. דינען אַ לענגערע
צײַט. אָ אַ לעבן לאַנג. 3. אַלט ווערן,
אָפּ,

גענוצט ווערן (וועגן אַ זאַך). „די קאַפּאָטע גיט
מיר שוין אויך אָנצוהערעניש אַז זי האָט מיר
אָפּגעדינט, געטרײַ און ערלעך, מער ווי מע
דאַרף, עס איז שוין אין איר נעכעך ניטאַ קיין
גאַנץ אבֿר“, ממוס, 'צוריק אַהיים'.
4. אָפּצאָלן מיט עפּעס פֿאַר אַ טובֿה. אָט

„
מיט דער צײַט וועל איך דיר אין אַן אַנדער
זאַך אָ“, אמד, עוזר צינקעס און דיא ציג,
ווילנע 1868. „בײַ איר איז געבליבן צו זײַן אין
דער פֿרעמד, דינען, פֿאַרדינען און אָ, די ליבע
עלטערן אין דער נויט“, ממוס, ווינטשפּ. *אין
(אויף) אַ גוטן אופֿן אָפּצודינען = פֿאַר דעם
וואָס יענער האָט געטאָן אַ טובֿה אין אַ נויט
אים אָפּצאָלן, אָבער ניט ווען יענעם וועט זײַן
שלעכט. “עס דאַרפֿן אַלע פֿאַרשטיין, דאָס דער

 פּדיסטילירן

וואָס וועמען גוטס טוט קען מען אים קיין
שלעכטס ניט אָ'‟, מסדר אגרת, וואַרשע 1858.
5. לגנאַי: אָפּצאָלן מיט שלעכטס פֿאַר אַ
טובֿה. „... פֿילײַכט וועט זי זיך פֿאָרט
דערמאַנען אַז פֿאַר גאָלד דאַרף מען ניט אָ, מיט
שטיינער‟, בּ בּעקערמאַן, דער יודישער שפּיע—
געל, וואַרשע 1895.
מיט ז י ך — ‟... מרדכי האָט עס בּאַרבּעט
מיט זײַנע פֿערד, און אַז זישע האָט געוואָלט
מכּלומרשט בּאַצאָלן, האָט מרדכי געענטפֿערט
... מ'עט זיך אָ, אין פֿריידן„, דחל קאָרן, 'ערד„.
־ונג. ־עכץ. ־ערײַ.
אָפּדיסטילירן — טרוו ־ליר אָפּ, ~(גע)
דיסטילירט. פֿאַרענדיקן דיסטילירן. אָ, דעם ספּירט.
אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אָסדיסקאָנטירן — טרוו ־טיר אָפּ, ~(גע)
דיס.
קאָנטירט. דורכפֿירן אַ דיסקאָנט־אָפּעראַציע.
אַ אַלע וועקסלען ־ונג
, .

-

אָפּדיפֿערענצירן — טרוו ־ציר אָפּ, ~(גע)
דיפֿערענצירט. מאַכן (געפֿינען) אַן אונטערשייד.
אָ, דאָס יחידישע פֿון דעם כללישן. „... מעק
אויס דעם אָפּגעטיילטן, אָפּגעדיפֿערענצירטן
אַלגעמיינעם באגריף“, שטערן, מינסק, 4 1929, No.
—דנ .

אָסדיקטידן — טרוו ־טיר אָפּ, ~(גע)דיקטירט.
פּפֿ ריקטעווען, פֿטמ. פֿאַרענדיקן
דיקטירן. על האַט אָפֿגעדיקטירט דעם אַרײַנפֿיר
צום פּראָטאָקאָל“, נ. לוריע, הימל און ערד,
מאָסקווע 1965 ־דנג.

.

אָפּדירעק, אָפּדירקע — דזוו אָבּדיריק, ← 6.
אויך: אָפּדזיריק, אָפּדזשיריק. „אַרום
חנובּה — די צײַט פֿון שמאַלץ אַרן גריבּענעס
א ן אַפֿדירקעס“, זש, בּ ־ם דניעפּער, ווילנע
1939, ז, 43.
אָסדירקעווען — טרוו. ־קעווע אָפּ, ~
געדירקעוועט. סל אָפּלעכלען, אָנלעכלען, מאַכן

לעכלעך. אָ, ווי אַ ריבאַײזן. אָ, אַ מעטאַלענע
ןי.
אָפּדישען — דזוו 1. אָפּדיכען ←. 2.
אָפּדושען ..
אָפּדליבען — ← אָפּדיליבען.
אָטדלפֿנען — [... דאַלפֿענען] אקוזוו אָפּלעבן
וו אַ דלפֿן, אָרעמאַן. אָ אַ לעבן. קומען קיין
י

אַמעריקע און אָ, אויך אין דער נײַער היים.
אָפּדעבאַטירן — טרוו ־טיר אָפּ, ~(גע)
דעבאַטירט. 1. פֿאַרענדיקן דעבאַטירן. 2.
דעבאַטירן אַ לענגערע צײַט. „די פֿראַגע איז שוין
גענוג אָפּדעבאַטירט געוואָרן“. ־ונג.
אָפּדעזשורע(ווע)ן — אוטוו ־רע(ווע) אָפּ,
~(גע)דעזשורע(ווע)ט. פֿפֿ: ~דעזשורירן.
1 פֿאַרענדיקן שטיין אויף דער וואַך. „...
חי.
דוש זיך ניט, וואָס מע רופֿט אונדז ווידער צו
דער אַרבעט נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין
אָפּגעדעזשורעט אַ מעת־לעת“, ע. פֿינינבערג

איבּז, א. אַוודייענקאָ, איך האָב ליב, מאָסקווע 1935. „מיר האָבן שוין אונדזערס

אָפּגעדעזשורעוועט, און דו קאָנסט זיך שטעלן מיט דער ביקס, אויב ס'גלוסט זיך דיר“, בּ. אָרלאַנד איבּז, נ. אָסטראָווסקי, אינ שטורעמ געבוירענע, אַדעס 1937. 2. דעזשורעווען אַ לענגערע צײַט. ־ידנג.

אָפּדעך — דער, ־ן. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּדעכען. אָפּרו. „מע טאַנצט און מע זינגט, אַן אַן אַ', אָן אַן איבּעררײַס“, בּ האַגער, איק, ר“ה תּשכ“ז, ז, 21.

אָפּדעכל — דאָס, ־עך. פּקפּ פֿון אָפּדאַך פּאַר

״ .

די הײַזער, אויף די שוועלן, האַלב אין שאָטן, וואָס לייגט זיך פֿון אָ אַראָפּ, זיצן ווײַבער“.

,

ווווס I ▯, 'קליינע שטעטלעך', ז, 120.

אָפּדעכען — אוטוו. ־כע אָפּ, ~געדעכעט. פּפּ. ~דיכען, ~דעכעווען. 1. אָפּאָטעמען. אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַרויסלאָזן קלאַנגען מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם. “לאָז אים כאָטש אָ, פֿון וועג אָפּכאַפּן דעם אָטעם“. “זעט, לאָזט אים אָפּדעכעווען אַ ביסל, רינגלען אים אַרום, צופּן

פּאַסן“, י מ. ניימאן, שבת־אויבס, וואַרשע l923,
ז, 88. „געקײַכט פֿון שטיקעניש, אָפּגעדעכעט
מיט טרערן אין די אויגן“, מק II, ווילנע 1929.
„ער ווישט די גרויסע טראָפּנס שווייס פֿונעם
שטערן און דעכעט אָפּ אין דער הייך“, י. יאקיר,
סאָוו, היימלאַנד, 8 1967' No.

2. זיך באַפֿרײַען פֿון אַ שפּאַנונג. „קײַן
סכּנה א□ז שוין ניט געווען און ער האָט פֿרייַ
אָפֿגעדעכעט“. ”האָ□ן אָנגעהויבן אָפּצודעכען
אַזוי ווי איינער וואָס איז איבערגעשטאַנען
טויט־שרעק“, י. בּ א , די קליין שטעטיל אַסיפֿה,
לעמבערג 1883.

3. אָפּרוען. „די מאַמע האָט אַ קוק גע□אָן,
אַז איך וויל גאָרניט אויפֿהערן און לאָז נישט אַ
ביסל אָ, נאָכן קוגל„, ממוס, דאָס קליינע
מענשעלע „ווינטער האָט ער [דער חדר־ייִנגל]
ניט אָפּגעדעכעט און אָפּגעכאַפּט דאָס עסן“, קמ,
186□, No □.

4. ווערן רואיק. קומען צו זיך. „עס איז
שוין נאָכן 'הרי אַתּ'. דאַכט זיך איצט איז שוין
צײַט דער אומגליקלעכער פֿאָטער זאָל אָ'“,
שלום עליכם־שלום, משוגענע וועלט נײַעס, ו□
אַרשע l908.

אויך מיט ז י ך — ער וויל אַ ביסל זיך אָ'.
־עניש.
אָפּדעפּעשירן — טרוו ־שיר אָפּ, ~(גע)
דעפּעשירט. 1. אָפּטעלעגראַפֿירן. אָ, א נײַס.
2. אָפּדערצײַלן, אויספּויקן, פֿאַרשפּרייטן.
אַרומגיין און אָ, אַז פֿון שידוך איז גאָרנישט געוואָרן.
־דנג.
אָפּדעקונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּדעקן. אויך דזוו אויפֿדעקונג.
אָ, פֿון אַ מצבֿה. אָ, פֿון אַ סטאַטוע. אָ, פֿון אַן
אינטריגע. „אויף די אָ, פֿון די אָרעמס [בײַ די
ווײַבער] וְענען זיי אויך נישט מקפּיד. י. מ.
הכּהן, ספֿר גדר עולם, וואַרשע תּרנ„בֿ, ג/א.

אָפּדערוויִטערן

"אָ'ען און אויפֿדעקונגען... פֿון פּריוואַטע
זאַכן", יג, תּוד 2 .I. אייפֿ. ווי אַ טוו אַנשטאָט
ערווה, אויך בײַ יהודה־לייב גערמאזאָ, מאיר
נתיב, ווילנע 1835.
אָפּדעקלאַמירן —־ טרוו ־מיר אָפּ, ~(גע)
דע.
קלאַמירט. פֿאַרענדיקן אָדער אַ לענגערע צײַט
דעקלאַמירן. אָ, אַ גאַנצן אָוונט. „אין דעם שאָטן

פֿון טויזנט־יאָריקער פֿאַרגאַנגענהייט זיצן מיר
דאָ, — האָט אָפּגעדעקלאַמירט איינער", ז
ברכות, דער ירדן רוישט, ז. 103. „האָט שטאָלץ
אָפּגעדעקלאַמירט און מיט אַ טעאַטראַלן זשעסט
אויסגעשטרעקט איר דעם קראַנץ", שטערן,
מינסק 1 1939, No. ־ונג.
אָפּדעקן—טרוו ־דעק אָפּ, ~געדעקט. 1.
אַראָפּנעמען אַ צודעק. אָ, דאָס בעט. אָ, אַ פֿאַרדעקט
טעפּל. אָ, דעם קאָפּ. אָ, אַ טאָוול. אָ, דעם
שלייער. אָ, אַ דענקמאָל. אָ, די מצבֿה. „האָט
מען אים אָפּגעדעקט דאָס פּנים, האָט מען דערזען
אַז דאָס איז גאָר אַ מאַטראָס", נחבֿ, 'מעשׂה
מבֿערגיר והעני'. „די פּרינצעסין האָט אָפּגעדעקט
די געזיכט און האָט זיך געוויזן אין איר
גאַנצע נאַטירלעכע שיינקייט", אמד, דער
סולטאַן, ווילנע 1895. „אַז מע וואָלט אָ, די פּאָלעס
פֿון די שיינע קאָסטיומען, וואָלט מען אונטן
דערזען תּכריכים", בלעטער, 23 No־24. * אָ, די
ע ר וו ת [<חומש, ,ערות... לא תגלה,] =
האָבן סעקסועלן פֿאַרקער.
2. אויפֿדעקן. אַנטפּלעקן. אָ, אַ סוד. אָ, די
וו א ו נ ד — אויך פֿיג אָ, די סכּנות וואָס
זײַנען דאָ פֿאַראַן. *אָ, אַ תּהום = אָנווײַזן אויף
עפּעס וואָס איז שרעקלעך. „בילדער וועלכע

דעקן אָפּ די אמתע פֿאָרעם און מהות פֿון מענטשלעך זײַן“, מ גראָסמאַן, היימיש, אָקט, 1961. „השם־יתברך איז יודע דעם אמת, ווי שווער ס'איז אונדז געווען אָפּצודעקן אונדזער קאָפּ, וואָס זײַט מיר לעבן... איז ער בײַ אונדז געווען צוגעדעקט“, ממוס, אין א שטורם־צײַט, ז, 18. „ווערט שוין אין באַלעבאַטיש־פֿאַרמעגלעכע הײַזער באַלד נאָך פּורים דער פּסחדיקער באָרשט געשטעלט פֿון צײַט צו צײַט קומען ...

די באַלעבאַט□ם אַליין פֿאָרזיכטיק צו, דעקן אָפּ די לײַוונט־שטיקער, שוימען אָפּ, וואָס האָט אָנגעיוירן פֿון אויבן און דעקן ווידער אײַן, ביז אַ צווייטן מאָל“, וס, די משפּחה מאַשבער II, נ“י 1948.

3. אינגאַנצן באַדעקן. אָ, א דאַך. באַשמירן מיט סמאָלע און אָ, מיט פֿעדערן. 4. בײַ שטריקן מאַכן שמעלער, אַראָפּרוקן נאָדלען. „ס'איז דאָ צו ברייט, מע דאַרף אַ ביסל אָ'“.

מיט ז י ך — אַרונטערוואַרפֿן די קאָלדרע און זיך אָ'. ־ונג. ־עכ□ן. ־עניש.

אָסדערווייטערן — טרוו. ־ער אָפּ, ~ דער־־ ווײַטערט. אינגאַנצן דערווײַטערן פֿון עמעצן

אָדער עפּעס. אָ, איין ברודער פֿונעם אַנדערן.
"אויך מוז ער דען פֿר שטנד האבּין, וואָן ער
זאגט גאָט בּ,,ה זיכט אַדיר ער הערט מוז דר
מענש פֿון אים אבּ דער ווײַטערין דשׂ בּײַא

אָפּדערלאַנגען

אים ניט זײַן אויגין אַדיר אָהרין", בּע, כא/ג.
אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אָפּדערלאַנגען — ־לאַנג אָפּ, ־,דערלאַנגט.
טרוו — געבּן אַלע זאַכן אין די הענט אַרײַן.
"געשטאַנען אויפֿן לייטער און אָפּדערלאַנגט די
פּסחדיקע כּלים פֿונעם בּוידעם,,. אויך:
אָפּמייקענען. אָ, דאָס עסן. אוטוו — שאַרף
אָפֿענטפֿערן. קומען מיט אַ קעגנטענה.
אָפּזידלען פֿאַרן זידלען. ,,אַ פֿאַרבּיטערט האַרץ
האָט דאָס מיידל געהאַט, האָט זי איר
אָפּדערלאַנגט", פּרץ, 'דער חשובֿ בּײַם קאַנאָניק,,.
אָפּדערציילן — טרוו ־צייל אָפּ, ~(גע)
דערציילט. 1. דערציילן אינגאַנצן מיט אַלע
פּרטים. פֿאַרענדיקן דערציילן. ,,ער האָט
אָפּדערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי אַזוי דאָס
איז געשען". ,,נאָכדעם ווי די שקאַפּע האָט
אָפּדערציילט איר מעשׂה, האָבּ איך פֿון דעם

גאַנצן האַרצן אַ זיפֿץ געטאָן“, ממוס, קל אַטשע.

ו

„אַלעס רעדט אויפֿאַמאָל. יעדערע וויל איר געזאָגעכץ פֿטרן אין אָ',„ הערצל אָפּשאן, בית ישׂראל, ווינשניצער רבינס הויף, סיגעט 1939.

2. אויסזאָגן סודות. „עס איז פּראַוודע אַ ביסל נישט רעכט אָ, וואָס אין שטוב טוט זיך“, עט, 'דער פֿעטער פֿון אַמעריקע'. “ער איז געבליבן זיצן דערשלאָגן. די שוועסטער ווייסט פֿון אַלעמען, ווער האָט עס געקענט אָ'?“, משה אַלטמאן, בלענדעניש, טשערנאָוויץ 1926.

3. איבערגעבן עמעצן ווער און וואָס עס האָט וועגן אים גערעדט. אָפּטראָגן רכילות. „בייזע צינגער האָבן אים אָפּדערציילט ווי זײַן ווײַב פֿירט זיך אויף ווען ער פֿאָרט אַוועק“. „אַז יענער האָט עפּעס גערעדט אויף אַ מענטש פֿאַר דיר, טאָר מען דעם דאָזיקן ניט אָ„ אַז ער האָט אויף אים גערעדט“, סשי I, סט. „ווי הייסט רכילות. אַז ער הערט וואָס פֿון דעם אַנדערן

רעדן אויף זײַן חבֿר און ער גייט און דערציילט אים אָפּ“, י. ל אָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר

(רמכ“ם), ווילנע, ז, 48.

מיט ז י ך ־ ״ער האָט אַ שם אין שטאָט... עס איז פֿון אים זיך ניט אָפּצודערציילן״, אמד, יעקעלע גאָלדשלעגער, זשיטאָמיר 1868. „ער האָט נאָכדעם אין קלויז אַ לאַנגע צײַט זיך נישט געקענט אָ, פֿון דער חתונה״, ספּ, ייִדישער

 אָלאָניסט. „ער האָט ניט געקענט זיך אָ, פֿון אים״, מ יודעלטאָהן, דער ממזר אַלס דאָקטאָר, ווילנע 1927, ז, 26.

־עכן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.

אָפּדראַמאַטיזירן — טרוו. ־זיר אָפּ, ~ דראַמאַטיזירט. 1. איבערגעבן, איבערשרײַבן אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרעס. מאַכן אַ שפּיל פֿון אַן עפּיש ווערק. אָ, שלום־עליכמס אַ מאָנאָלאָג. 2. מגזם זײַן, איבערטרײַבן ביים איבערגעבן עפּעס, בײַם דערציילן. אָ, אַ נישטיקע פּאַסירונג.

—דנ .

אָפּדראַסען — טרוו ־פּע אָפּ, ~געדראַפּעט. 1. אָפּקראַצן מיט די נעגל (אויך מיט אַ שאַרפֿן

מכשיר). „די קאַץ האָט אָפּגעדראַפּעט דאָס

מעבל‟. „ער איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן לײַוונט... אָ, די פֿאַרבֿ מיט די נעגל‟, ה אָרלאנד איבֿז, איוואַן פֿראַנקאָ, בֿאָא קאָנסטריקטאָר, קיִעוו 1940.

2. (שוסטערײַ) מיט אַ מעסער אַרומשנײַדן האלבֿ־צעפֿוילטע שטיקלעך לעדער פֿאַרן לייגן א לאַטע.

3. בֿמקום־ווערבֿ פֿאַר פֿאַרענדיקן טאָן עפּעס טאַנדעטנע, ספּעצ אַ גײַסטיקע אַרבֿעט. „ער קאָן קוים אָ, אַ שטיקל בֿריוול‟. „ער קאָן קוים אָ, אַ בֿלעטל אין סידור‟. „אײַ וואָס? טבֿיה איז נישט קיין עם־האָרץ... און קאָן אָ'... אַ פּרשה חומש מיט רשי אויך?„, שע, ט◌ יה „בֿיידע ערלעכע ייִדן, שוסטערס וואָס קענען אָ, אַ שטיקל משניות מיט דער הילף פֿון עבֿריטײַטש‟, ש. טיימאָן, צוו◌־גן, ז, 189. „קוים געקאָנט אָפּלערנען אַ פּרשה חומש מיט רשי, אָ, א בֿלעטל מדרש. זוהר האָט ער בֿלויז געזאָגט‟, פּ. רודאָי, טמז, 23 1964 ◌I.

מיט ז י ך — אָ, זיך דאָס נעזל. ־עכץ. עניש.

אָפּדראַקען — טרוו ־קע אָפּ, ~געדראַקעט.

.

1. אָםטענטלען; ארמקלאָר, שלעכט אָפּשרייַבן. "אָ, ווערטער וואָס מע קאָן זיי ניט לייענען".

2. אָ פּאטש עו. אָ, די הײַזעלעך. אָ, דאָס פּנימל.

אָפּדרוק — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפֿדרוקן. לאָזן נאָר עטלעכע אָפּדרוקן.

2. געניצט אַנשטאָט אָפּדריק. „אויפֿן ערשטן שבת נאָך פּסח באַקט מען פלאַטשיקע חלות... מע מאַכט אין דער חלה אַן אָ, מיט אַ גרויסן שליסל, ווי אַ רמז אַז די טויערן פֿון דער גאולה וועלן בלײַבן אָפֿן ביז פּסח־שני", אַבֿרהם רעכטמאן, ייִבל —3 .XI. קאָפּיע, אָפּצוג, פֿאַקסימילע. איבערדרוק. „עס איז נישט געווען קיין סטודענטין... וואָס זאָל נישט האָבן אויף די וואַנט פֿון איר צימערל אַן אָ, פֿון בעקלינס אַ בילד", מוק, מײַנע באַגעגענישן. „האָט ער אַנשטאָט אַן אײַנדרוק אַן אָ, פֿון בוך", שנ, לעזער, דיכטער, קריטיקער I.

4. צייכן, סימן, איבערבלײַב. „הצעירים העומדים לפֿני קאָמיסיע... בשבת וצריכים לחתום כּאצבע (פֿינגער אָ,)", הרב אַהרן וואלקין, שו"ת זקן אַהרן, ב, פּינסק 1938, ז, 13. „דער שטראַל דער לעצטער אויף מײַן שטערן, זײַן רויטן פֿינגער־אָ, שטעלט", סוצ, „בײַם ים!" אויפֿן

אַנדערן קישן איז געווען אַן אָ, פֿון אַ קאָפּ“,

מ טיקער, טמז 5 .13 1962 II. אריסדרוק.

נר. „האָבּ איך עפּעס בּאַמערקט אויף מענדעלעס געזיכט אַ כּאַזונדערן אָ, פֿון פֿרייד“, ד. ה האָר[שטיין, זלידניעפּקער לעגענדע, בּאַרדיטשעוו תּרנ“א.

אָפּדרוקן — טרוו דרוק אָפּ, ~געדרוקט.

1. דורכפֿירן אינגאַנצן דעם פּראָצעס פֿון דרוקן אין אַ דרוקערײַ. „דו זאָלסט דיזע גאַנצע דערציילונג, וואָס איך האָבּ דיר דאָ דערציילט פֿון מיר, אָפּשרײַבּן און אָ',„ אמד, דער גלגול,

אָפּדריטלען

וואַרשע 1867. “די סלאַוויטער האָבּן אַפֿילו שוין דעמאָלט אָפּגעדרוקט דעם לקח טובֿ מיט פּראָסט עבֿרי־טײַטש“, קמ, 40 1868, No. „דערויף פֿאַרלאָזן מיר זיך אויף אײַך און גאָר צום ערשטן זאָלט איר אָ, די קליאַטשע,„ ממוס, קליאַטשע.

2. אָפּשיקן עפּעס וואָס מע האָט אַליין אָנגעשריבּן פֿאַר אַ (פּעריאָדישער) אויסגאַבּע — און עס איז ראָרטן געדרוקט געוואָרן. אָ, עטלעכע לידער אין אַ זשורנאַל. אָ, אַן עסיי אין יאָר־בּוך.

3. אָננעמען צום דרוקן דאָס אַרײַנגעשיקטע פֿאַר
אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע. ״דער רעדאַקטאָר
האָט צוריקגעשיקט זײַן אַרטיקל, ווײַל ער וויל
אים ניט אָ״״, ,,איך קען נישט אָ, אײַערע
הייסע קאָמפּלימענטן״, דר, עמנואל פאט, טמז,
4. 1964 III ▯ 13. אַרײַנשטעלן עפּעס אַ זאַץ
אָדער אַ וואָרט אין אַ טעקסט וואַס ווערט
געדרוקט. אָ, ניט בלויז דעם פּסעוודאָנים, נאָר
אויך דעם אמתן נאָמען פֿון מחבר. ,,למען־השם
מײַן נאָמען נישט אָ', די פֿאַנאַטיקער ווען מיך
עוקר מן השורש זײַן״, פּרץ, 'שטעט און
שטעטלעך', No 24.
5. אויסקריצן געדרוקטע אותיות. אָ, די
אותיות אויף דעם געדענק־טאָוול. 6.
אַרײַנדרוקן. ,,די פֿאַרב־קאַטשלקע ווערט צוגעקוועטשט
צום ציץ און דרוקט אויף אים אָפּ דעם געמעל״,
א. איזרא, צײַג, קיִעוו 1928, ז, 76.
מיט ז י ך — ,,די סטענגע איז געווען נאַס
און ס'האָט זיך אויף איר אָפּגעדרוקט דער
צייכן״. ־עכץ. ־עניש. ־ער.
אָפּדריבל — דאָס, ־עך. רעשטל, אָפּפֿאַל בײַ
אַן אַרבעט, טפּעצ פֿון שטאָף, פֿון פֿעדעם. ,,עס
טאָרן ניט בלײַבן אַזוי פֿיל אָ'עך,,. אויך פֿיג.
עס וועלן מיר פֿעלן טעג, וועל איך דיר אויך

אײַנטײלן אַ בחור. — פֿאַרוואָס זאָל איך וואַרטן
אויף די „אָפּדריבלעך?“, שלמה סײַמאַן, ב„א
1960, ז, 77.
אָפּדריבל — דער, ־ען. אַקט פֿדן אָפּדריבלען.
אַן אײַליקער אָ'.
אָפּדריבלען — טרוו ־בל אָפּ, ~געדריבלט.
פּפֿ. ~דריוולען. 1. פֿאַרענדיקן דריבלען,
צענעמען אַ געוועב אויף באַזונדערע פֿעדעם.
„דער שנײַדער וועט אָ, די פֿעדעם כּדי צו זען
צי ס'איז אַ גוט שטיקל סחורה“. 2. אָפּטראָגן
אַ מלבוש, ביז עס הענגען אַראָפּ צויטן. אָ, די
הויזן. מיט ז י ך — „אַ פֿאָדעם האָט פֿון
קנויל זיך אָפֿגעדריבלט“, יהואָש, 'שאָטנס'.
־עכץ. ־עניש.
אָפּדריגען — טרוו. ־גע, אָפּ, ~געדריגעט.
אָפּשטויסן מיט די פֿיס. אָ, דאָס שעפֿל וואַסער.
פֿיג „מאַלע וואָס הײַנטיקע הויך־אויפֿגעקלערטע
דריגען אָפּ... דאַמען קריגן... ספֿאַזמען אַז
זיי דערהערן אַ וואָרט ייִדיש רעדן„„ קמ, 1868,
No 10. ־עניש.
אָפּדדיטלען — טרוו ־טל אָפּ, ~געדריטלט.
⌷
אײַנטײלן אין דרײַ טײלן. אָ, די ירושה פֿאַר
יעדערן פֿון די דרײַ זין.

אָפּדרייען — טרוו. דריי אָפּ, ־, געדרייט.
1. בײַטן די ריכטונג. אָפּווענדן אין אַ זײַט. אָ, דאָס פֿערדל אין אַ זײַט.
2. אַראָפּדרייען, אָפּשרויפֿן. אָ אַ שרויף.

„דעמלט האָט ער אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ ווײַס טיכעלע, האָט עס אָנגעטשעפּעט אויפֿן באַגנעט, וואָס ער האָט אָפּגעדרייט פֿון בּיקס", ג. קאבאקאָוו איבּז, קוזמאַ טשאַרני, היימלאַנד, מינסק 1932.
3. אומדרייען. אַרומדרייען. „און ער האָט נערוועז געדרייט און אָפּגעדרייט דאָס קייטל פֿון זייגער אויף זיין פֿינגער", דר, ה. זאָלאָטאראָוו, גש I נ"י 1924, ז, 171.
4. אויפֿעפֿענען, היפּוך פֿון פֿאַרדרייען. אָ, דעם קראַן, עס זאָל רינען וואַסער. „ווען מע וואַשט זיך פֿון אַ האַנטפֿאַס, מוז מען אַלע ווײַלע פֿאַרדרייען און אָ,... די וואַסער זאָל קומען... דורך איינע מענטשלעכע קראַפֿט", אמד איבּז, הרבֿ אַבֿרהם דאַנציג, בּית אברהס, ווילנע 1865. „מע האָט יענע נאַכט ניט

אָפּגעדרייט קיין איין שלעסל‟, י פּערלאָוו, פֿאָר
.X 19 9 1

5. אַראָפּדרייען אַן אבֿר, אָ, דעם קאָפּ. „דעם
ה אַ ל ד ז דריי איך דיר אָפּ און וואַרף אַראָפּ
פֿון דער הייך אריפֿן מיסט‟, פּרץ, דראמ,
שריפֿטן „כאַפּ דעם פֿויגל אָן בײַ דער האַלדז
און דריי אים דעם קאָפּ אָפּ...‟, טויזענד אונד
אידן טאָג, וואַרשע 1839. „... ווי אַ טכויר
כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ שטײַג מיט עופֿות און
דרייט זיי נעבעך אָפּ די קעפּ„, ממוס, קליאַטשע
אָ, דעם ק אָ פּ = פֿאַרטומלען פֿאַרפֿירן. ‟פֿון
*
,
האָבן צו טאָן מיט טויזנט ווײַבער קאָן מען זיך
אַפֿילו אויסלערנען דעם רוח אַ קאָפּ אָ‟, ייִל
איבז, תן החכם, אַדעס 1884. „דרייען,
אויסדרייען, אַרײַנדרייען, פֿאַרדרייען און אָ, יענעם
דעם קאָפּ — דאָס מהיכא־תּיתי‟, שע, קליינע
מענטשעלעך . *אָ, דעם שוואַרציאָר דעם
קאָפּ = א) פֿאַרטומלען, פֿאַרפֿירן אַ פֿאַלשן
מענטשן; ב) אויפֿטאָן אַ סך, זײַן אַ כּריה. אָ,
עמעצן די נאַז — אים אַ דריי טאָן פֿאַר דער
נאָז. אָ, די נ אָ ז — זיך אָפּקערן פֿון עפּעס

מיט גאווה, אויסדריקנדיק אומצופֿרידנקייט, ביטול. אָ, די נאָז פֿון ייִדיש. „האָבן אייניקע אָפּגעדרייט דעם נאָז פֿון נאַציאָנאַל־קול...

טורעלער אויטאַנאָמיע“, [בּונד] צו דער נאַציאָ[אלער פֿראַגע, זשענעוו 1905.

6. אָפּקערן. „די רעדער האָבּן זיך אָנגעהויבּן צו רירן, דאָס שיף האָט אָנגעהויבּן אָפּצודרייען די נאָז פֿון בּרעג“, יופֿאָל, 1888, No 13־14, בּײַלאַגע. “בּאַדאַרפֿט די אויגן אָ, פֿון מאָנומענט און איך האָכ ווידער דערזען דעם פּאָעט אָן אַ קאָפּ“, סעג, פֿון רוסלאַנד — צעבּראָכענע זײַלן, וואַרשע 1920, ז, 23.

7. אָפּרײַסן דרייענדיק. אָ, אַ צווײַגל פֿון שטאַם. „ווערט דערלאַנגט אַ גרויסע שיסל מיט בּראַטן און יעדער דרייט אָפּ אַ שטיק דערפֿון ... מיט די הוילע הענט“, אמד, דער בּרטנורה, ווילנע 1877.

1▯6()

8. אַראָפּקריגן פֿון פּרײַז. ניט דערצאָלן, אָפּדינגען. אָ, אַ קערבל פֿון פּרײַז. “לײַט לאָזן זיך הײַנט טאַקע גוט כּאַצאָלן, און אפֿשר וועל איך

אים קאָנען אָ, א הונדערטער“, יופּאָל, 1888, l0 No, בײַלאגע.

9. טאָן, דורכפֿירן עפּעס אויף אַ קונציקן, געדרייטן אופֿן. אָ, אַ ליגן מיט אַ קנאַק. „אַז ער האָט חשק, דרייט ער אויך אָפּ אַ נעילה“, קמ, 15 1868, No.

()1. ווי ניט איז דורכלעבן, דורכקומען. „אַזוי וועט ער שוין אָ, ס'גאַנצע לעבן“.

11. אוטוו. (וועגן ווינט) אַ לענגערע צײַט זיך דרייען. „נו, אַ וועטער, ס'וועט שוין אָט אַזוי אָ, די ערשטע העלפֿט אַפּריל“, ה דאָבין, זכּ בירעבידזשאַן, מאָסקווע 1936, ז, 112.

מיט ז י ך — זיך אָ, אין אַ זײַט. זיך אָ, דעם קאָפּ זוכנדיק. „די נאַטור..., זי דרייט זיך קיינמאָל ניט אָפּ אָן אַ זײַט און האָט ניט קיין טעות“, בלעטער, 21 No. „איך דריי מיך אָפּ פֿון אַלקער־טיר און באַמי מיך צו טראַכטן וועגן לערנען“, פּרץ, 'אַ יונגן שרײַבערס חנוכּה'.

—ונג. ־עכ□ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע), ־ערײַ.

אָפּדריכ(□)ען — אוטוו ־כ(נ)ע אָפּ, ~

גע□

דריכ(נ)עט. אָפּשלאָפֿן, אָפּדרימלען (מיט ביטול).

אָ אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג.

אָפּדרילן — טרוו דריל אָפּ, ~געדרילט. פּפּ. ~דרילעווען. דזוו אויסדרילן. פֿאַרענדיקן דרילן. מאַכן אַ לאָך (לעכל) מיט אַ דריל.

אָפּדרימלען — אוטוו. ־מל אָפּ, ~געדרימלט. פּפּ ~דרעמלען. 1. פֿאַרענדיקן דרימלען. שלאָפֿן מיט אַ לײַכטן שלאָף. אָ, אויפֿן פֿאָטערשטול און ווידער זיך א כאַפּ טאָן צו דער אַרבעט. 2. דרימלען אַ לענגערע צײַט. „ביכער אין פּראַכט־אײַנבאַנדן... וואָט טוען גאָרנישט אין זייער לעבן, דרימלען אָפּ טעג און נעכט אין די רײַכע שאַפֿעס“, הערש לייב קאזשבער, קאַזיאָנע גימנאַזיע, טשערנאָוויץ 1927. ־עניש.

אָסדרינגען — טרוו. דרינג אָפּ, י.„געדרונגען. 1. מאַכן אַ לאָגישן אויספֿיר, דעדוקציע. אָפּלערנען. „מע דאַרף דערפֿון אָ, אַז אויך א צווייט מאָל וועט געשען דאָס אייגענע“. “אויב מען קען עפּעס אָ, דערפֿון אויף ייִדיש, דאָס איז עס די שטעלונג פֿון דעם ליטווישן דיאַלעקט, וועלכער ווערט געמאַכט אַלס יסוד פֿאַר אונדזער אַלגעמיינעם ייִדיש“, מ א הערבערט, דאָס נײַע לעבן, נ“י, אַפּריל 2 .1913. קומען צו אַן אויספֿיר אויפֿן סמך פֿון אַ פּסוק, אַ מימרא.

אָ, פֿון דעם פסוק אַז משיח דאַרף בּאָלד קומען.
3. צונעמען דורך דריקן. "וויא איז צו שרײַאן
איבּר ישׂראל דיא דאָ .. מ[א]כין אַן רירן איין
הויז אַן אַנדרן אונ, איין פֿעלד אַן אַנדרן,
בּלומר זיא דרינגן דען עני דש הויז אָבּ וואָשׂ
ער צוישן זיא האָט", סהמ, ישעיה, ה, 8.
־עניש.
אָפּדרינ(ד)זשען — טרוו. ־(ד)זשע אָפּ, ~
געדרינ(ד)זשעט. אָפּרימפּלען, אָפּשפּילן שלעכט,

אָפּדרעקסלען

אומהאַרמאָניש. אָ אַ וואַלס אויפֿן צעפֿאָרענעם
,
קלאַוויר. ־עכ ן. ־עניש.
אָסדריסקען — טרוו ־קע אויס, ~געדריסקעט.

אָפּשפּריצן מיט שמוץ. אָ, עמעצן וו אַ חזיר.
י
־עכ ן. —עניש.
אָפּדריפּען — טרוו ־פּע אָפּ, ...,געדריפּעט.
מאַכן זייער בּרודיק. אָ, די מלבּושים, די צימערן.
מיט ז י ך — אָ, זיך פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס.

אָפּדריקן — טרוו דריק אָפּ, ~געדריקט. פֿרגל. אָפּדרוקן. 1. שטאַרק צודריקן, אײַנקוועטשן. „אַז עס פֿעלט אויף חיונה דריקט עס אָפּ די כהונה“ [= אָרעמקייט מאַכט בטל דעם יחוסדיקן אָפּשטאַם], שוו אָ, די ג אַ ל (דאָס ה אַ ר ץ) — פֿאַרשאַפֿן קלעמעניש, פֿאַרדראָס. “וואוילטאָג דריקט אויך אַמאָל דאָס האַרץ אָפּ“, שוו “אַזאַ חסיד הייסט נאָר אַ פּרעסער, אַ קל, אָט אַזאַ חסיד דריקט אונדז אָפּ די גאַל,', טעיאטאָר. „דו מיינסט אַז ס'איז אַן עבֿירה, אויב מע קען מאַנסלײַט אָ, די הערצער?“, ווײַס, קנאה און תּאוה, ז, 22.

2. אײַנדריקן, אײַנפּרעסן. אָ, אַ צייכענונג. „... די לובֿ איזט צו דעם לעבֿנדיגן גאָט... וויא גרוש זײַנה זײַן ווארנדר, אַלי מענשן איר גשטאַלט האָט ער מיט איין חותם אַבֿ גיטריקט, אונד דאָך יעדוועררדם איין אַנדרי צורה געבֿן“, הבחור חנוך סג,,ל מפֿרנקפֿורט דמיין איבֿז, אגרת בעלי חיים, הענא, תּע,,ג. „איין מאָל האָט מען געפֿונען אין דעם שיפֿערשטיין אַ פֿויגל... די פֿאָרמע פֿון אים איז געבֿליבֿן ריכטיק אָפּגעדריקט אויף דעם שטיין,,, בלעטער, 3. No 21. אַראָפּדריקן. אָ, פֿון פּרײַז, קויפֿן (פֿאַר) ווערלוועלער.

מיט ז י ך — די פֿאָרמע קען גרינג זיך אָ'.
(גימנאַסטישער ט') אָ, זיך — טיף אײַנאָטעמען
און אויסאָטעמען. ־ונג — „אין יענע צײַטן
... וואַר איינע שאַנדע דאָס איין אַדלמאַן זאָל
קענען שרײַבן... זיין חתימה וואַר נור איינע
אָ, פֿון זײַנער האַנט וואָס וואַר פֿריִער באַשמירט
מיט טינט אויף דעם פּאַפּיר“, אטד, די שיוגע
מינקע, ווילנע 1866. ־עכ□ן. ־עניש.
־ער (—ין, ־קע).

אָפּדרעל(י)עווען — דזוו אויסדרעל(י)ווען,
□. 218.

אָפּדרעמלען — דזוו אָפּדרימלען. “דרעמלט אָפּ
דאָס שטעטעלע אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג“,
פֿמ, דאָר אויס — דאָר איין, כאַרקאָוו 1929.
־עניש.

אָפּדרעפּטשען — ־טשע אָפּ, ~געדרעפּטשעט.
טרוו אָפּזאָגן עפּעס אומקלאָר. „כ'האָב ניט
□-----
פֿאַרשטאַנען וואָס ער האָט אָפּגעדרעפּטשעט“.
אוטו□ — גיין פּאַמעלעך, שווער, מיט קורצע
טריט. „אַזוי וועט ער שוין אָ, בין ער וועט
אָנקומען“.

אָפּדרעקסלען — טרוו ־סל אָפּ, □...„געדרעקסלט.

אָפּטאָקן. ,,[דער גוטער טאָקער] מיט זײַן אָ, אַקוראַט קען ניט אויפֿקומען קעגן די פּאָטשער

אָפּדרעשן

וואָס נעמען אַ דריטל פּרײַז,,, ארז, קמ, 1867, No 32.

אָסדרעשן — טרוו. דרעש אָפּ, ~געדראָשן (~געדרעשט). פֿאַרענדיקן דרעשן. ,,האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן זייער ווייץ, וואָס זיי האָבן שוין אָפּגעדראָשן,,, נאָטע לוריע, דער לעצטער אינדיייידואל, קיִעוו 1939.

אָפּדרש(ע)נען — טרוו. דרשן, (דרשע) אָפּ, ~געדרשנט (□ יי־,דרשעט). פֿאַרענדיקן דרש(ע)נען. ,,עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ מעמאָראַנדום און מיט אַ קאָמיטעט, וואָס דרשנט אָפּ זײַן דרשה און גייט אַראָפּ פֿון בימה קאָן זיך די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט ניט באַנוגענען", זשיט IX, נ"י 1919, ז, 201. ־עניש.

אָפּהאָבן — אַקוזוו. האָב אָפּ, □ ..,געהאַט.

1. פֿאַרענדיקן דעם פּראָצעס פֿון געבערן. ,,זי גייט שוין דעם צווייטן מעת־לעת צו קינד און קען ניט אָ"". ,,בײַ איר איז שוין אַרויס דער פּענכער וואָס נעבן געבורט־אָרט. — ליג, באַלד

וועסטו אָ'", ה. קאַמענעצקי איבז, מ. גאָרקי, אויסדערוויילטע דערציילונגען, מינסק, 1938. „די געווינערין האָט די געבורטס־ווייען באַקומען מיטאַמאָל און אָפּגעהאַט גיך„, חג, טמז, 1965, .I 22

2. געבערן. געבן געבורט (בײַטעם: בסוד פּטור ווערן דערבײַ). „איצט דאַרף זי קומען אין דאָרף אָ, און פּטור ווערן פֿון דער פּרוכט„, ב. ריווקין, צוק, פּעב, 1937. „חנהלע איז אַוועק אין דאָרף אָ„, זש, טמז, 3 .10 XI 1963. האָבן אַ צאָל קינדער און אויפֿהערן. „איך קיין עינהרע אָפּגעהאַט נײַן קינדער... אויסגעכאָוועט און געמאַכט פֿאַר מענטשן", יוסף אַלבירט, האָרעפּאַשניקעס, לידע 1937.

אָפּהאָגלען — אוטוו. אומפּ. ־גלט אָפּ, ~ געהאָגלט. אויפֿהערן האָגלען. ניט האָגלען מער. „עס האָט שוין אָפּגעהאָגלט, וי זון וועט באַלד ווידער אויפֿשײַנען".

אָפּהאַדען — ־דע אָפּ, ~געהאַדעט. פּפּ: ~האַדזיען, ~האַדזשען. 1. טרוו. מאַכן עס זאָל אָפּעקלען. אָ, עמעצן פֿון די עסנס אין דער ביליקער קיך. "אַ גוט פֿלעשל קאָניאַק וועט אים אָ, פֿוו סאַמאָגאָן". 2. אומפּ. אָפּעקלען. עס האַדעט אָפּ פֿון מיאוסע רייד,

פֿון פֿאָרנאָגראַפֿישע פֿאָטאָגראַטיעס, פֿון
פֿאַרשטונקענע שפּײַזן אאזוו אויך מיט ז י ך.
־עניש.

אָפּהאָדעווען — טרוו. ־דעווע אָפּ, ,
געהאָדעוועט. 1. אינגאַנצן אויפֿהאָדעווען. אָ, די
פֿיקערס מיט געזונטע פּיסקעס. 2.
אויפֿהאָדעווען. אויסהאָדעווען אַ לענגערע צײַט. אָ,
דעם בײַבאַק ביז נאָך בר־מצווה. אויך מיט
ז י ך.

אָפּהאַווירן — טרוו. ־וויר אָפּ, ~(גע)האַווירט.
גוט צוזעך עמעצן. פֿאַדען אַרום עמעצן אַ צײַט.
דזוו אויסהאַווירן ., 219. „געווען בײַ אונדז
אַ גאַסט און מיר האָבן אים אָפּהאַווירט אויפֿן
שענסט אופֿן“.

1761

אָפּהאַווען — אוטוו ־ווע אָפּ, ~געהאַוועט.

אַ לענגערע צײַט אַרומשמײַען און אָפּהאָרעווען.
זיך מיִען צו פֿאַרדינען (זיך וואַרפֿנדיק פֿון איין
מלאָכה, געשעפֿט צו אַן אַנדער מקור פֿון חיונה).
בײַטן איין אָרט אויף אַ צווייטן בײַם זוכן

עפֿעמערישע גליקן, אָפּדאַכטענישן. אָ, אַ טאָג [אַקוזאַטיוו פֿון צײַט] און ניט פֿאַרדינען קיין גראָשן. „אָפּגעהאַוועט אַ גאַנץ לעבן, איצט — עלנט ווי אַ שטיין“, בערג, באַם דניעפּער I, עמעס', ז, 427. „אַ לעבן אָפּגעהאַוועט, אַ וועלט אײַנגעריסן פֿאַר די קינדער„, חג טמז, 12 X 1962. „האַלב דעם טאָג שוין אָפּגעהאַוועט און דעם וואַרמעס אָפּגעפֿראַוועט“, מל, דער באַרג, ־עניש.

אָפּהאַוקען — אוטוו. ־קע אָפּ, ~געהאַוקעט.
אַ לענגערע צײַט האַוקען, בילן — און אויפֿהערן. אָ, פֿאַר דער טיר אַ גאַנצע שעה, ביז מע לאָזט אַרײַן אין שטוב. מיט ז י ך — „האָט דער פּאַסטעך בייז אָנגעהויבן... דער שרײַבער האַוקעט זיך אָפּ: שרעק ניט די גענדז“, י. קיפּניס איבז, ק. גאַרבונאָוו, דאָס אײַז גייט, קיִעוו 1930.
אָפּהאַטשען — טרוו. ־טשע אָפּ, ~געהאַטשעט.
אָפּטשעפּען. אָפּשפּיליען, אָפּקייטלען. אָ, דאָס טירל פֿון די זאַוועסעס. אָ, דאָס פֿערדל פֿון קלאָטץ. מיט ז י ך — „איך ווייס ניט ווי מע האַטשעט זיך עס אָפּ פֿון דעם אָנשיקעניש“.

אָפּהאָטשקען — טרוו ־טשקע אָפּ, ׀.־,
גע.
האָטשקעט. אַ לענגערע צײַט וויגן, שאָקלען
אַהין און אַהער. אַרויף און אַראָפּ (און
אויפהערן). אָ, די קינדער אויפֿן שפּילפּלאַץ. מיט
ז י ך — אָ, זיך פֿאָרנדיק איבער דער
אײַנגעפֿראָרענער בלאָטע. ־עניש.
אָפּהאָלדערן — אוטוו ־ער אָפּ, ׀..,
געהאָל.
דערט. אַ לענגערע צײַט האָלדערן ווי אַן
אינדיק און (אָדער) אויפֿהערן צו האָלדערן. אָ,
און אַרומשפּרײַזן איבערן הויף ווי דער
גרעסטער יחסן.
אָפּהאַלט — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּהאַלטן (זיך). פּלוצעמדיקער אָ'.
אַן אָ, וואָס ברענגט צום באַטראַכטן זיך. „האָט
ער צעשטעלט האַרמאַטן אומעטום, וואו נאָר
עס איז פֿאַראַן אַן אָ, פֿאַר זײַן שיף“, מלה
לידער ׀I, נ״י 1934, ז, 16. אָ'־שפּול(קע) אין
אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט. 2. סיבה פֿון
אָפּהאַלטן (זיך). אַן אָ, איבער מאָראַלישע
טעמים. „בײַ מיר איז עס קיין אָ, ניט“.
3. מכשול, שטער, מניעה. „קיין שום אָ, וועט

ניט זײַן, ווען מע וועט דאַרפֿן אונטערשטעלן אַ
פּלייצע". „פֿאַר השם־יתברך איז ניטאַ קיין אָ,
צו העלפֿן מיר", תּפֿילה ותחנה לל"ג בעומר,
ירושלים תרפ"ז. „בײַ אַ געוויסן טייל חסידים
איז געווען אַן אָ, [צו] פֿאָרן אין די קאָלאָניעס,
ווײַל זיי וועלן ווערן ווײַט פֿון ליובאַוויטש",
לדב, נ"י, תשי"ז, ריא. „אויב זיי וועלן בלײַבן
בײַ די אַלטע מעטאָדן... וועט זייער הילף
זײַן מער אַן אָ, איידער אַווירקלעכער אָנטרײַב

אָפּהאַלטן

פֿאַר דער באַוועגונג", זשיט X, נ"י, 1919, ז,
187. 4. אָפּשטעל. הפּסקה. צײַטווײַליקער
איבעררײַס. אַרבעטן אָן אָ, אַ גאַנצן טאָג. גלייבן
אָן אַן אָ,. „אַז דער שלימזל נעמט די
אייבערהאַנט, ווייסן שוין צרות גאָרניט פֿון קיין אָ'",
י□tק, שליאַך און אומוועג, ז, 223. „די פּרײַזן
אויף מגרשים וואַקסן, אָבער ערגעץ דאַרף זײַן
אַן אָ'", אפֿאַ, טמז, 5 .1 1965 I. אינהיביציע,
'העמונג, ווי אַ פּסיכאָלאָגישער ט,.
אָפּהאַלטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּהאַלטן (זיך). „די אָ, בײַם
דורכפֿירן דעם פּלאַן האָט געבראַכט אַ סך

היזקות“. אורח פֿאַרטײַטשט ,מעצר, (שמואל א,
יד, 6) — אָ,. 2. דזוו אָפּהאַלט, בבֿ 3־4. תּי
פֿאַרטײַטשט ,מעצר, — אָפּהאַלט. ,,דער טויט
האָט קיין אָ, ניט“, דרכֿי עולם, ווילנע 1866.
אָפּהאַלטן — טרוו. האַלט אָפּ, ~געהאַלטן.
צוריקהאַלטן עמעצן .Mhd: ab. 1(?)־hal?en
פֿון טאָן עפּעס. ניט דערלאָזן אַז עמעצער זאָל
עפֿעס טאָן. אָ, עמעצן פֿון עפּעס אין די רעכטע
געדיכטע, אינמיטן דערינען. אָ, פֿון פֿיל בייז.
אָ, פֿ ו ן עבֿירות. אָ, פֿון לײַכטזיניקע
אונטערנעמונגען. די סכּנות האַלטן ניט אָפּ פֿון פֿאָרן
דורכן וואַלד. “קיין מענש האָט קענין פֿון
אָפּהאַלטין“, גה, 76. ,,מײַן פֿאָטער וועט מיך
געוויס נישט אָ, פֿון דעם מענטש, וועלכן ער
האָט דאָס לעבן פֿון זײַן קינד צו פֿאַרדאַנקען,,,
איבֿז הנ,,ץ, ש ולמית... , לובלין 1875, ז, 28.
,,דאָס האַלט אָכער קיינעם ניט אָפּ פֿון צו פֿאָרן
קיין קיִעוו“, שע, פֿונ'ם יאַריד II, ז, 229. ,,דער
גלח וויל אַראָפּשפּרינגען אין פֿולן גאַנג [פֿון
באַן], דער ייִד האַלט אים אָפּ,, לייב יפֿה, אין
גאָפּ, 11 1948, No. ,,ער וועט פּרוּוון אָ, אין
קאָמיטעט ביידע צדדים פֿון עקסטרעמען“,
בערג, באס דניעפּעך I, 'עמעס', ז, 314. ,,צו
וועמען לויפֿט זי דאָס? איך מוז א י ר אָ, אין

מיטן וועג“, סעג, שטילע טרןימען, וואַרשע 1909, ז, 46. „וואָס קאָן אַזאַ מויד אָ,?„, □אש, פּאָר, 18 1967 II.

2. שטערן עפּעס דורכצופֿירן. „די ליבשאַפֿט צו די קינדער האַלט אים אָפּ (פֿון) צו פֿאַרלאָזן די היים“. „יראה און אַהבֿה ווערן גערעכנט אַלס צוויי מצוות... און איינע האַלט ניט אָפּ די צווייטע“, תּניא, נז. „קיין זאַך קען אים ניט אָ, ... קרענקונגען, אומדאַנק„, ארז, קמ, 1867 No 16. „נאָך מער פֿון אַלע זאַכן וואָס האַלט די ייִדן אָפּ... צו ווערן אַליין פֿאַר זיך אַן אומה, איז דאָס די אַלע צרות...“, ממוס, אַ סגולה... , ז, 9. „ס'חיות גייט אים אויס מיטצולויפֿן מיט די קינדער... נאָר עפּעס אַן עקשנות, אַ זײַטיקער כּוח... האַלט אים אָפּ, לאָזט אים נישט צו“, ייִז, די בּרידער אַשכּ[זי, נ“י, ז, 36. „אים האַלט ניט אָפּ דאָס פֿרישע קאַלטע ווינטל וואָס פֿאַרכאַפּט בּאַלד זײַן אָטעם“, י□ק, שליאַך און אומוועג, ת“אָ 1964, ז, 281.

3□ אָפּשטעלן עמעצן. אָ, דעם שׂונא (אָנ.. פֿאַלער, אַרײַנדרינגער). אָ, דעם צוריקטריט (דעם פֿאָרויסמאַרש). דער בּאַפֿעל אָפּצוהאַלטן דעס

אָפּהאַלטן זיך

פֿײַנד. בשום אופֿן ניט קענען אָ, די פֿערד וואָס לויפֿן בּאַרג־אַראָפּ. „[כּורש] האָט זיא אב גהאַלטן דז זיא ניט נאָך גיאגט האבּן דיא שאַר פֿון מדי“, מ. מן, יוסיפֿון, אמשט 1743, ד/בּ. ”זייער גאַנצע גבֿורה איז נאָר רודף צו זײַן זייערע אייגענע בּרידער... אָבּער אָפּצוהאלטן אַ שׂונא פֿון כלל־ישׂראל דאָס ווילן זיי ניט און קענען ניט“, אמד, דער גלגול, וואַרשע 1▯67. ”די טיפֿע אוצרות האַלטן זיי ניט אָפּ, זיי שווימען און לאָזן זיך אַהין אַראָפּ“, ממוס, שירה, 54.

4. אָפּשטעלן עפּעס. האַמעווען. אָ, דעם שטראָם. אָ, די שיסערײַ. אַ, די ספּאַרט־פֿאר▯

מעסטונג. אָ, אַ מגפֿה. דער אורח פֿאַרטײַטשט 'ויכּלא הגשם, (בּראשית, ח, ▯) „אָפּגעהאַלטן“ [תּי „פֿאַרהאַלטן געוואָרן“]. „די פֿאַסאָל־בּלעטער לאָזן זיך אַראָפּ אָוונט־צײַט... בּארעקן זיי זיך ניט אַזוי פֿיל מיט נאַכט־טוי און דאָס

אויסהויכן ווערט ניט אָפּגעהאַלטן“, ד האָכבערג איבז, אָטאָ שמיל, געוויקסן, מאָסקווע 1920, ז, 57. „נישט אָפּצוהאלטן דאָס לעבן, נישט אָפּצוהאַלטן די הונדערטער וועגעלעך מיט די קינדער“, סעג, מ־נע זיבן יאָר אין תּל־אָי, ז, 103.

5. ניט דערלאָזן צו פֿונקציאָנירן. אָ, די האַנט סון דערלאַנגען דעם אמתן קלאַפּ. „ווי אַן אײַזערנע האַנט האָט מיר מײַן מונד אָפּגעהאַלטן ... ניט געקענט קיין וואָרט ריידן„, אַלטער [ערינסקי, א חתן אויף אויסצאָהלין I, קעשענעוו 1886, ז, 15. “פֿון אומרעכט האָט ער זײַן האַנט אָסגעהאַלטן“, מב“ם, הוגה דעות II, ווילנע 1912, ז, 14. אויף אַ רגע אַ וויש געטאָן... איבער דעם שטערן, אַזוי ווי זאָל וועלן אָ, איר מוח נישט אַרויסצוברענגען קיין שום מחשה“, ד. י. זילבערבוש, שטרעכאלעך. , ווין 1916, ז, 82. אָ אַ מאַשין. “דער ווינט האָט זיך געַ, לייגט און עס האָט אָפּגעהאַלטן די מיל“.

6. ניט דערלאָזן צו עפּעס. אָ, פֿון אַנהייבן רייכערן. אַ, פֿון צו שטאַרק זיך אָנשטרענגען. אָ, פֿון אויסגעבן צו פֿיל געלט. “דעם פֿאָטר איז

מער אַן גילעגן אַן זײַן קינד אַז אַן זיך
זעבלשׂט... אלי שאַדן פֿון אים אָבּ צו האַלטן“,
חה, אמשט 1716, מד/ב. „זיי [די קינדער] ניט
געוויינען צו נאַשן און אָ, פֿון שטאַרקע
געטראַנקען...“, מסדר אגרת אָדער איין נײַער
ב׳ש, וואַרשע 1858, ז, 28. “פֿון די שרעקלעכע
היץ... און פֿון די פֿיל טאַבּעק וואָס זיי רויכן
האַלט זיי אָפּ פֿון פֿיל עסן און פֿון טרינקען
שטאַרקע משקאות“, אמד, מסע מצרים, ווילנע
.18׳3
7 פֿאַרהאַלטן. אָ, דעם גאַסט בּיז שפּעט אין
.
דער נאַכט. אָ, אַ חזן (א מגיד) אויף נאָך אַ
שבּת אין שטעטל. אָ, דעם חשובֿן אורח אויף
נאָך עטלעכע טעג. “וואָס קאָן דאָס זײַן, עפּעס
דער בּעל־הבּית זאָל אָ, בּײַ זיך אַ מענטשן...
און מכבּד זײַן“, ג. י ראַוויטש, רי׳ משפּחה,
ווילנע 1865, ז, 54. “סאַלטשע האָט אים מער
נישט אָפּגעהאַלטן. זי האָט אויסגעזען זייער
מיד“, ספּ, סודות, ז, 41. „ענדלעך האָט דער רבֿ

□

1762

געפֿ□נען בײַ זיך דעם סאָוועסט, נאָר אָ, אים בײַ
זיך האָט דער ר□ ניט געוואָלט,,, י. גוידאָ, דער
טאָוועמט איז פֿערפֿאללען, ווילנע 1894, ז, 22.
‘‘יעדער צײַט ווען ער דאַרף אויף נקבֿים גדולים
אָדער נקבֿים קטנים זאָל ער ניט אָ’‘‘, י ל
אָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר, ווילנע תּרל‘‘ו, יבֿ.

ר
"א ייִנגעלע אַ חזן... האָט אָפּגעהאַלטן אַ
בית־מדרש מיט גבֿירים ביז האַלבֿ איינס
אַזייגער", בלעטער, No 19.
8. האַלטן אַ לאַנגע צײַט. בלײַבן אין דעם
זעלביקן מצבֿ. נעמען א בוך אין ביבליאָטעק
און עס אָ, חדשים־לאַנג. ,,.... ווילסטו וויסן
וויפֿל חדשים דו זאָלסט דאָס געלט אָ, כּדי דער
סוהר זאָל דיר ניט דאַרפֿן געבן קיין פּראָצענט",
לובין גאָלדין בערג מבאָקארעשט, כּעת
במאָהלו מלאכת מחשבֿת, באַרדיטשעוו [סודלקאָוו?]
תקפּ'ח. ,,דער וואַסער פֿלעגט אין דיזע מאָנאַטן
ביז אַ העלפֿט פֿון מײַן בערגל שטײַגן און
פֿלעגט אַזו אָפּט אָ, אייניקע טעג", אמד, מעוז
י
יס, ווילנע 1864.
9 אָפּלייגן. אָפּציִען אויף שפּעטער. אָ, דאָס
אונטערשרײַבן דעם קאָנטראַקט. אָ, די נסיעה
קיין ארץ־ישׂראל ביז פּסח צײַט. אָ, דאָס דרוקן
דעם ספֿר. ,,ושׂכירות אונד אנדרע אינקינפֿטי
ממנו אבֿ צו האַלטן משך הזמן דאָס ער אָבֿ
געזעצט איז", תּנות הקהלה בקהל קודש אַשכּ—
נזים דבּהכ,,נ הגדולה בלונדון, תּקנ"א. ,,וואָס

איז עס פֿאַר אַ גאַנג אונדז אָ, מיט אַ מעשׂה לאַנג", ממוס, יודל, ז, 122. "דער רבּי זאָל לעבּן האָט דעם מלאך־המות אָפּגעהאַלטן אַ אָ גאַנצן טאָג", יד, אבן נג "אַז מע וועט דאַרפֿן אַ טרעוואָגע מאַכן... , וועט ער [דער מלך] הייסן אָ.. פֿריִער גיין מנחה אָפּדאַווענען,,, פּלאי, המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ,,ב, ז, 8. ,,דער סענאַט האָט אָפּגעהאַלטן זײַן צושטים לאַנגע חדשים", בּצג, טמז 7 19 I י 24.

1O. מעכּבֿ זײַן. ווערן אַ מניעה. אָ, דאָס לייענען אין שול. ,,קלאָגט נעבעך אויף... די יונגאַטשעס וואָס טוען משיחן אָ"", פּ א. ר , דעך אָדימאן, וואַרשע 1879, פֿו. ,,מיט זייער ניט ענפֿערן אָמן האָבּן זיי מיר פֿאַרלאָזן און אָפּגעהאַלטן די השפּעה וואָס קומט אַרויס פֿון מקור מים חיים", נוצ I, צבּ/א. ,,עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס האַלט אָפּ תּשובֿה", תּניא, קצבֿ "קיין זאַך אין דער וועלט קאָן דיר ניט אָ, פֿון דער יראה פֿאַר מיר", שלמה יאנאָווסקי, ספֿר עקדת יצחק, וואַרשע תּרע,,ב, ז, 35.

11. בּרעכן אַ געווארינהייט. אָ, פֿון רייכערן אויף די עלטערע יאָרן. אָ, פֿון ביטערן טראָפּן. "פֿון זײַן בּאַרעדעוודיקייט וועט אים קיינער ניט

אָ'". "ווי ער ווערט אין אָנפֿאַנג דערצו [צו דער
בּרוסט] געוואוינט, איז נאָכדעם זייער שווער
אים [דעם יונג] דערפֿון אָפּצוהאַלטן,,, מלכּה
בּערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836,
ז, ▯ 2.

12. פּראַוועון, אָפּריכטן. אָפּהיטן. דורכפֿירן אָ
עפּעס וואָס בינדט זיך מיט אַ צערעמאָניאַל, מיט
ספּעצ דינים, וואָס איז לויט אײַנגעשטעלטע
מנהגים. אָ, דעם סדר. אָ, חצות. אָ, דעם יאָרצײַט.

אָפּהאַלטעוודיק

אָ אַן אַזכּרה. אָ, שבּת אונטערוועגנס. אָ אַ
, ,
יום־טובֿ צווישן פֿרעמדע לײַט. ,,האָבּן זיי דעם
שבֿועות אָפּגעהאַלטן לוסטיק און פֿריילעך, אַזוי
ווי גאָט האָט געבּאָטן", ספּורי מעש יות,
איבּערגעזעצט פֿון לשון הקודש, לעמבּערג 1881.
,,וועל איך מאָרגן אין בּית־המדרש אײַנטרעפֿן
צום געבּעט מײַן יאָרהייט אָפּצוהאַלטן", ל.
פּרמסענשטיין, תּיקון לייבּאלע, לעמבּערג 1894,
ז, 19. ,,דו מוזסט אָנפֿאַנגען אָפּצוהאַלטן
תּעניתים ווי מיר... אַלטע הונגער־לײַדער,
אמתע דינער פֿון הייליקע מוזע", דער לאַנד

חכם, נ"י 94ם1 lo No. „דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר גלות און איז נתגלה געוואָרן אין בּיאַלע", פּרץ, 'צווישן צוויי בּערג'. „אַוועק צום רבּין אַהיים אויף קידוש און אָ, בּײַ אים שבּת„, מ ר ם קין, דער ווּעליזשער בּלוט־בּלבּול, ווילנע 1914, ז, 170.

13. דורכפֿירן. דערגרייכן. צוזאַמען מיט אַ סובּ שאַפֿט אַן אויסדרוק (געווײנטלעך אַ גאַנץ פֿאַרשפּרייטן). אָ אַ נ צ ח ו ן (זיג). אָ אַ

,   ,

וו י כּ ו ח (דעבּאַטע). אָ, אַ ז י צ ו נ ג (פֿאַרזאַמלונג, פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג, מיטינג, אַסיפֿה, בּאַראַטונג, קאָנפֿערענץ, צוזאַמענפֿאָר). אָ אַ

,

ד ר ש ה (רעדע, בּאַריכט, לעקציע). אָ, אַ ד י ן ־ ת ו ר ה (אַ משפּט). אָ, אַ קאָנסיליום. אָ, ע ק ז אַ מ ע ן (פּראָבּע). אָ, אַ י ו ם ־ ט ו בֿ (שׂמחה, בּאַנקעט, סעודה). „בּפֿרט אין אַ קרעטשמע... קען איך מ ם ר אָ, אַ ח ת ו נ ה אויך„, ליאָנדאָר, נײַער בּש, ווילנע 1844, ז, 99.

פּהאַלטן זיך — ← דפֿוו אָ, זיך פֿון טאָן (ריידן, ניצן אאזוו) אָ, זיך פֿון שטימען. אָ, זיך

פֿון עסן צו פֿיל (פֿון פֿאַרגעניגנס, תּענוגים).
אָ, זיך פֿון אַ נאַטירלעכן באַדאַרף. „ווען ער
דאַרף נקבֿים גדולים אָדער נקבֿים קטנים זאָל
ער זיך ניט אָ״״, י. ל יאָסעלאָוויץ, תּוכחת מוסר,
ווילנע תּרל״ו. זיך אָ, אויף אַ ווײַלע בײַ עמעצן.
״דר מענש וואָשׂ אין זײַני נאַטוהר דער היצט
און, גלושֿט האָט עבֿירות צו טהון און הלטיט
זיך דאָך אָבּ דאַפֿון, אויף דיזען האָכּין אונזרי
חכמים גזאָגט: לפֿום צערא אַגרא״, יורה
חטאָים, פֿיורדא תקנ״א. „מע זאָל זיך אָ, ווי ווײַט
מע קען נאָר דאָס מע זאָל זיך ניט אײַנגאַסטירן
בײַ דעם אַנדערן", אמד, הלכות דרך ארץ, ווילנע
1871. ״אַז דו ועסט זען דײַן שׂונאס אייזל
אונטער זײַן משׂא, זאָלסטו זיך אָ, פֿון
איבּערלאָזן צו אים״, תּי, שמות, כג, 5. „פֿאַר זיי
לוינט מער נישט זיך אָ, פֿון צו קוילען״, בּערג,
אין א פֿארגרעבּטער שטאָט, בּערלין 1922.
„וואַנדערנדיק אַזוי פֿון קייזערס פּאָרטרעט...
האָט ער זיך לסוף אָפּגעהאַלטן בײַ די קליינע
פּאָטאָגראַפֿיעס פֿון זײַנע דרײַ זין,,, עוזר
וואַרשאַוסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924, ז, 30.
-עכץ. -עניש. -ער (—ין, -קע) —
״אַ שטיקל האָלץ וואָס דאַרף דינען אַלס אָ, פֿאַר
די בּלעטער״, בּער, ז, 66. -ערײַ.

פּהאַלטעוודיק — אדי וואָס האָט די
פֿעאיקייט, די מעגלעכקייט אָפּצוהאַלטן פֿון
עפּעס. אָ'ע רייד. דאָס אָ'ע זיך מיישב זײַן.
־יקייט.

אָפּהאַל(י)אַקען

אָפּהאַל(י)אַקען — אוטוו ־קע אָפּ, י„
גע.
האַל(י)אַקעט. וורר. ריידן, פּלאַפּלען, שמועסן
אַ לענגערע צײַט פֿלעגן רייכערן גראָכע
„ .
מאַכאָרקע־ציגאַרן און אָ, ביזן גראָען טאָג
אַרײַן“, ש קליטעניק, ווערק און שרײַבער,
מאָסקווע 1935. מיט ז י ך — “האָט מען זיך
אַן אָוונט [אַקוזאַטיוו פֿון צײַט] אָפּגעהאַלאַקעט,
מיט וועמען זאָל מען בויען דעם קאָלעקטיוו“,
נאָטע לוריע, דער סטעפּ רופֿט, מאָסקווע 1932.
־עניש.
אָפּהאָליובען זיך — קזוו ליובען זיך אַ
לענגערע צײַט און אויפֿהערן. אָ, זיך די (ווי אין
דער) קושוואָך. ־עניש.
אָפּהאַלמעווען — טרוו. ־מעווע אָפּ, ~
געהאַלמעוועט. אָפּשטעלן, ניט לאָזן זיך ווײַטער
באַוועגן אַ ראָד, עפּעס מיט רעדער. אַראָפּצו אָ,

דאָס האַנטוועגעלע וואָס קײַקלט זיך באַרגאַראָפּ. פֿרגל. אויסהאַלמעווען, 220.

אָפּהאָלעסן — אוטוו & טרוו. וורר. אָפּטומלען, אָפּשרײַען מיטווילדע קולות. אָ, ווי שיכּורים. אָ, די טענות.

אָסהאָלצן — טרוו. האָלץ אָפּ, ~געהאָלצט. באַדעקן מיט האָלץ. אַרומקלאַפּן מיט האָלץ. אָ, די אונטערשטע העלפֿט פֿון די ווענט. אָ, שטיינערנע טרעפּ.

אָפּהאָמזען — טרוו. ־זע אָפּ, ־,געהאָמזעט. אָפּבורטשען. אָפּבּרומען. אומקלאָר, (אָדער טומלדיק עפּעס אָפּכאַפּן. אָ, אויף אויסנווייניק דאָס לידל. אָ, די אויסגעלערנטע לעקציע. אָ, די ענטפֿערס מיט אַן אָנשטעל אַז מע ווייס עפּעס. ־עניש.

אָפּהאַמערן — אומוו & טרוו ־ער אָפּ, ~ געהאַמערט. 1. קלאַפּן עפּעס מיט אַ האַמער אַ לענגערע צײַט. אָ, איבּערן בלעך און ניט לאָזן צומאַכן אַן אויג. אָ, אין דער טיר. 2 פֿאַר.

ענדיקן קלאַפּן (ווי) מיט אַ האַמער. ״די האַנט אין ווירבּלשטורעם האַמערט אָפּ די לעצטע קלעפּ״, הל, 'אין שניי'. 3. דזוו אויסהאַמערן, כּ2 ← 221. אָ, די שעהן. 4. אַרויסזאָגן

הויך און שטאַרק זאַצן, לאָזונגען. אָ, די סקאַרכאָווע פאַרטייאישע רייד. אָ, די אײַנגעשטעלטע וואַל־פּראָפּאַגאַנדע ־ונג.

.

אָפּהאַנג — דער, ־ען. 1. אָפּריס. שאַרפֿער משופּעדיקער באַרג־אַראָפּ. שטאָציקער אַראָפּפֿאַל. פֿעלדזיקע אָ'ען אויף דער לינקער זײַט טײַך. אַ זאַמדיקער אָ, וואָס קען פֿאַרשיטן דעם טאָל. „אָ דזשעט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אָ'". „אַ קײַלעכדיקער פּלאַץ, טיף באַשאָטנט דורך די הויכע אָ'ען, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן", ר. זעליגמאַן איבּז, פּראָספּער מערימע, קאָרמען, בערלין 1922. „טייל בערג האָבן זיך אויסגעשטרעקט אין דער נאָענט, די אָ'ען באַוואקסן מיט וועלדער ווי מיט גרינע בערד", באש, פֿאָך, 14 X 1960.

2. דאָס וואָס הענגט אָפּ פֿון עפּעס. אָ, פֿון נײַע באַדינגונגען. אין אָ, פֿון גוטן ווילן. „ווערן

1□63

'אייביקע, טעמעס ניט שטענדיק אַלצאיינס געשילדערט; פֿאַרקערט, אין אָ, פֿון צײַט און קלאַסן־אָנגעהעריקייט פֿון שרײַבער ווערן זיי

געשילדערט פֿאַרשיידן,,, ד האָפּשטיין, פּ.
(סאַמעס, טעאָריע פֿון ליטעראַטור, כאַרקאָוו
.1930

אָפּהאַנדלונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּהאַנדלען. אַן אָ, אַ מציאה.
אַן אָ,, אַ משׂא־ומתּן, וואָס האָט זיך געלוינט.
2. טראַקטאַט; חקירה. אַנאַליז. אַן אָ, פֿון די
צײַט־פּראָבלעמען. (פּאָפּולער־)וויסנשאַפֿטלעכע
אָ'. ,,די באַזונדערע אָ'ען זײַנען געבויט לויט
קאָנצענטרישן פּרינציפּ, יעדע פֿון זיי שטעלט
מיט זיך פֿאָר... אַ פֿאַרענדיקטן קאַפּיטל'',
ישׂראל רובין, דער יונגער מענטש און ז□ן
א[טווי□לונג, וואַרשע 1927. ,,רעאַקציאָנער־
אידעאַליסטישע אָ'ען וועגן די קלאַסיקער'', שטערן,
מינסק 1932, No 10־11.

אָפּהאַנדלען — סרוו ־דל אָפּ, ~געהאַנדלט.
.
1. אָפּדינגען. אָפּקויפֿן נאָכן דינגען זיך
פֿאַר.
ענדיקן אַ מסחר. ,,ס'איז געקומען סוחרים־ייִדן,
ווילן אָ, די גאַנצע לײַוונט'', קח, לעמבערג 1875,
ס/ב. ''האָט ער פֿאַרלאַנגט, זי זאָל אים געבן
100 רובל. מע האָט מיט אים אָפּגעהאַנדלט פֿאַר
3 רובל'', ייִפֿאַל, 11 1883, No. ''איך וועל שוין

אומגעקומען אַזוי איך אונטערקומען, און איך וועל
שדין וויסן דאָ ווי מיט דעם פֿויער
אָפּצוהאַנדלען', ל אָכדאר, נײַער בּ,,ש, ווילנע 1887,

ז, 45. "אין ער אַוועק און האָט אָפּגעהאַנדלט
בּחצי־חינם דאָס גאַנצע ראַמשל", שע,
מנחםמענדל ,,אָפּגעהאַנדלט האָט שוין דער אורח פֿאַר
10 רובל", אַמעריקאַנישע גליקן, וואַרשע 1895,
ז, 7

2. דורכקומען. בּאַצאָלן מיט געלט אָדער
געבּן עפּעס וואַס האָט אַ ווערט אין די אויגן
פֿון דעם וואָס קריגט. דורכפֿירן אַ בּײַט מיט
אַן אָפּדאַכטעניש פֿאַר איין צד אַז ער איז זייער
לויניק. "קאָנפֿיסקירטע סחורות לאָזט זיך אָ',
אָבער ניט ווען מע קאָנפֿיסקירט בּראַנפֿן,..
,,געגוג פֿון אים דאָס ער לאָזט זיך זײַן וועלט
אַזוי וואָלוול אָ"', אמד, אמרי בּינה, ווילנע 1864.
,,ווען דער קונה... שוין אָפּגעהאַנדלט האָט...
און עס וואַר אויך בּדרך היתּר,,, מ. הלוי
הורוויץ, ספֿר פּרשת מרדכי, אונגוואַר 1866.
,,איך האָב עס בּײַ אים אָפּגעהאַנדלט, אַ מיטוואָך,
מיינעם אַ טאָג, אים אָפּגעטרעטן,,, ממוס, שלמה.
,,גאָט איז נישט קיין פּריץ, וואָס ער דאַרף

האָבן אונטער זיך פֿאַקטוירים... וואָס זאָלן אָ,
פֿאַר געלט טובֿות בײַ אים,,, בּ. בעקערמאַנן, זבֿ,
דער יודישער שפּיעגעל, וואַרשע 1895, שפּ, 52.
־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע .
־ערײַ.
-
אָפּהאַנייען — טרוו ־נײַע אָפּ, ~געהאַנײַעט.
-

rıI. נ נ a] . Bl: >. אוקר אָפּטרײַבן. אָ,
עמעצן ווי אַ זלידנע פֿליג.
אָפּהאָניקן — טרוו ־יק אָפּ, ־,געהאָניקט.
1. אָפּשמירן מיט האָניק. אָ אַ שטיקל שוואַרץ
,
ברויט. 2. מאַכן עמעצן ווייך, גינציק מיט

אָפּהאַקן

שוחד, מיט חניפֿה, מיט אַ טובֿה. אָ, אַ קנעפּל
[=עמעצן וואָס האָט אַ רעגירונג־שטעל, וואָס
טראָגט אַ מונדיר]. אָ, דעם בייזן פֿריץ.
אָפּהאָסטיען זיך — אוטוו, קזוו. ־טיע זיך אָפּ,
זיך ,געהאָסטיעט. סל. וורר. 1. לענגער ווי
גערעכנט זיין בײַ עמעצן אַ גאַסט. קומען
אויף די צוויי טעג שבֿועות און אָ, זיך אַ האַלבן

זומער. 2. אָפּצאָלן מיט גאַסטפֿרײַנדלעכקייט
פֿאַר גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט. „בלײַבט בײַ אונדז נאָך
עטלעכע טעג, נישקשה, מיר וועלן זיך אָ, בײַ
אײַך“.
אָפּהאַסטיקן — טרוו ־יק אָפּ, ~געהאַסטיקט.
האַסטיק עפּעס דורכפֿירן. פֿאַרענדיקן אין
אײַלעניש. אָ, די אונטערהאַנדלונגען. אָ, די אָפֿיציעלע
באַנקעט־רעדע. אָ אַ באַזוך. אָ, די זאַמל אַרבעט

,
פֿאַרן ווערטערבוך ־ונג.

.

אָפּהאָפּען — אוטוו & טרוו. ־פּע אָפּ, ~
געהאָפּעט. פּפֿ: ~האָפּקען, ~האָפּס(ל)ען.
1. אָפּטאַנצן, אָפּטענצלען. אָפּשפּרינגען.
אָפּטאַנצן שפּרינגענדיק, מיט שפּרינגענישן. אָ, מיט
אַלטע פֿיס צווישן אַ יונגן עולם. ־. — קומט
טאַנצן! — איך קען ניט דעם נײַעם טאַנץ. —
נו, וועט איר אים אָ'!„. „שוין אָפּגעהאָפּסלט
אַלע האָפּסן“, א שמרי. 2. אַ לענגערע צײַט
זיצן צונויפֿגעדרייט, אײַנגעבויגן. אָ, בײַ דער
מאַשין די בעסטע יונגע יאָרן. אויך מיט
ז י ך. ־עניש.

-

אָפּהאָסן — אוטוו. האָף אָפּ, , געהאָפּט.
אויפֿהערן האָפֿן. „באצאָלט רבי־געלט, זיך אָפּגענאַרט און אָפֿגעהאָפּט". "מע האָפּט אַזוי לאַנג, ביז מע האָפֿט אָפּ".
אָפּהאָצקען — אוטוו & טרוו. 1. דזוו אָפּהאָפּען. 2. אויך מיט ז י ך. זיך טרייסלען אַ לענגערע צײַט. אָ, אין בויד איבער די הרודעס. אָ, ביים רעדל פֿון דער מאַשין. 3. אָפּשווינדלען. אָפּזשוליקן. „לעמבערגער קאַרטעטשניקעס האָבן דיך אָפּגעהאָצקעט", י. העשעלעס. ־עניש.
אָסהאַק — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּהאַקן. אַן איבעררײַס אין דער פֿרײַנדשאַפֿט, אַן אָ, ווי מיט אַ מעסער. טעמפּער (שאַרפֿער) אָ'.
—ונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפֿהאַקן. „די כלה האָט די גאַנצע צײַט געזען אַ צעמישטקייט אין זײַנע אויגן, אין זײַנע אָ'ען און באַוועגונגען אין מיטן רעדן,,, ווײַם ד, ,אַ חתן ווערן,.

אָפּהאַקן — טרוו. האַק אָפּ, ‏ .־,געהאַקט.

1. ענדגילטיק אָפּקלאַפּן, אָפּטיילן עפּעס פֿון אַ גאַנצקייט מיט אַ האַק אָדער מיט אַן ענלעכן שאַרפֿן מכשיר. אָ, צוויַיגן פֿון שטאַם מיט אַ האַק. אָ, מיט אַ שווערד, מיט אַ האַקמעסער. ״איין ארם האָט מן אים טון אבּ האַקן,,, בּבא־בּוך, 186. ״דא האבּן זיא אים זייַן קאָפּף אבּ גהאַקט אונ, האבּן זיא איין גשטעקט אויף איין דאַך״, מ מן, שאַר, סז/בּ. ,,די הענט די

אָפּהאַרבּסטן

זיך ניט האָבּן דר בּרמט איבּר דייַני די זאָלן

ווערן אָבּ גהקט״, אין שין מע ה פֿון קיניג אַרטיש הוף פֿיורדא, 1781. ״ווען אַ מענטש אַ

,

הונט אַן אויער־לעפּל אָפּהאַקט און הענגט עס אָן דעם קראַנקן דער דאָס קדחת טוט האָבּן, דאָ טוט עס אים העלפֿן צום שטונד״, משל הקדמוני, אוסטרהא תקנ״ז. ,,אין גיהנום ווערסטו אויך ניט האָבּן רו... די פֿעל וועט מען פֿון דיר אָ״, טעיאַטאָר ,,אַזוי האָט זיך געפֿירט אַ צייַט, בּיז מע האָט דעם קרוג אָפּגעהאַקט די אויערן״, פּרץ, ,אין אייראָפּע און בּיַי אונדז

הינטערן אויוון,.

פֿוול. מע מעג (זאָל, דאַרף) אים אָ, הענט און פֿיס פֿאַר אַזאַ שפּילן (אַזאַ אַרבעט אא). ווענסט רירן — וועט מען דיר אָ, די ה ע נ ט. ווענסט גיין (לויפֿן) אַהין — וועט מען דיר אָ, די פ י ס. מע מעג (זאָל, קען) אים אָ, הענט און פֿיס און פֿאַר אַ סאָלדאַט אַוועקגעבן [אויך שפּאַסיק, גוטמוטיק: פֿאַרדינט אַ גרויסע שטראָף].

אָ, דעם ק אָ פּ — אויך: צונעמען פֿון עמעצן

דאָס טײַערסטע. ,,זײַן בעסטער חבֿר האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, צוגענומען פֿון אים זײַן קאָכאַנקע,,.

אָ, די פ ל י ג ל (ע ן) = א) אָפּשלאָגן דעם

מוט, ניט לאָזן זיך רוקן פֿאָרויס (זײַן אַ מאַכער, א דעה־זאָגער). ,,די שוואַרצע גאַלקעס האָבן דעם גבאי אָפּגעהאַקט די פֿליגלען". ,,מיט

דעם וואַס איר וועט אָפּדרוקן אונדזער בריוו, וועט איר שוין אָ, די פֿליגל די וואָס וועלן זיך אָנשטעלן צו שפּילן די מליצי־יושר", קמ, 1866,

No 30. „אַז דער מאַן פֿאַטשט גוט אויס דאָס ווײַבּ דאָס ערשטע מאָל — הייסט: ער האָט איר אָפּגעהאַקט די פֿליגל“, מ. דלוגאטש, וועלט מסורה, ודארשע 1881, ז, 13. „מע האָט איר אָפּגעהאַקט די פֿליגל איז זי געוואָרן שטיל“, שע, פֿונ'ם יאַריד II, ז, 50; בּ) בּאַגרענעצן די פֿאַנטאַזיע. „מיטן געבּן נאָכצומאָלן האַקט מען אָפּ די קינדער די פֿליגלען“. „גאָר אין אָנהייבּ האָט דאָס אַרײַנטרעטן שלמהלעס אין דער ישיבֿה אָפּגעהאַקט די פליגל פֿון דער פֿרײַער פֿלײַענדער פֿאַנטאַזיע זײַנער„, ממוס, שלמה.

אָ, די ל ו נ ג ע ן, די ל ע בּ ע ר, די גאַל

▯

מיט דער לעבּער — אַזוי שטאַרק שלאָגן בּיזן שעדיקן די דערמאָנטע וויכטיקע אָרגאַנען. *אָ, די נ ע ג ל — צונעמען די מעגלכקייט צו טאָן עמעצן שלעכטס. *אָ, די שפּיצן פֿון די קאָפּעטעס = דז שפּאַסיק, גראָבּלעך. *אָ, די פּאָדקעוועס און אַוועקלאָזן אויף גאַניקלע = ער טויג שוין צו קיין זאַך ניט, ער קען שוין קיין נוציקע אַרבּעט ניט טאָן [פֿון אַן אַלט פֿערד וואָס קען ניט שלעפּן מער, נעמט מען אַראָפּ די ניצלעכע פּאָדקעוועס און מע לאָזט עס זיך פֿאַשען אויף דער ווייד].

2. איבּערהאַקן, איבּערשנײַדן. אונטערהאַקן. אָפּשנײַדן. אָפּטיילן אויף כּלערליי אופֿנים. אָ, די קייט פֿון דער מסורה. "איין טייטל בּוים װען מן אין אָבּ הקט דאָ װוקסט ער ניט װידר„, סהמ, תהלים, צבֿ, 13. „טיטוס האָט... אַלי אופּס בּעם אונ, װילדי בּעם אבּ האַקן לאָזן", ר,

1□64

אָלכּסנדר עטהויזן מגולי פּולדא, בּית י□)ראָל ובית הבּחירה, אַפֿנבּאַך תּע„ט. "אירי דיקי שטריק אָפּ צו האַקן אונ, דיא אַנקערן פֿון איר שיף אין (ים־סוף)..." , מחזור ר"ה ויו"כּ, הומבּורג 1721, קסד/א. „מע זאָל די רערן אָ, דאָס די יהודים קיין װאַסער זאָלן האָבּן„, ספֿר יהודית וטפֿר יודא מכּבּי, אמשט תּקכ"א. „די סוסלעס... פֿלעגן די זאַנגען אָפּצוהאַקן אָקערשט װי עס האָט זיך אָנגעהויבּן קערנער צו מאַכן", אמד, דיא שטאָט הרס, װילנע 1868. "די קײַלעכדיקייט [פֿון בּאָרד] קומט פֿון זײַן רגילות — קײַען דעם בּאָרד אין מויל און אָ, די שפּיצן מיט די ציין", ר גוידאָ, דער נדיער פּראָצענטניק, װילנע 1893, ז, 71. *אָ, ה אָ ל ץ — אויך: אָנגעשטרענגטערהייט לערנען מיט שלעכטע

תּלמידים. "ממזרים, אַ וואָך אָפּגעהאַקט האָלץ און... אַרויסגעוואָרפֿן. אַרויסוואַרפֿן זאָל איך די
צעניאָריקע קדחת", אי דרוקער, קלעזמער, קיִעוו 1940, ז, 48. אָ, די ש וו ע ל ן (טירן) =
כּסדר, אָפֿט אַרײַנקומען און צושטיין מיט אַ
בּקשה. אָ, די שוועלן צו שליסן אַ שותּפֿות.
„אין די רבּישע הייף... האָבּן שדכנים...
אָפּגעהאַקט די שוועלן און געבּרענגט שידוכים",
ירט, טאָג, 1958 ◻ו 17.
3. איבּעררײַסן שאַרף, פּלוצלינג, מיט
אימפּעט. איבּעררײַסן די פֿאַרבּינדונג. אָ, א
שותּפֿות. אָ, יענעמס רייד. זען וו אַ דריטער קומט
י
אָן און אָ, די אייגענע רייד. אָ, אין סאַמע מיטן
שמועס. אָ, די ווערטער. אָ, אַלע בּאַציאונגען ווי
מיט אַ האַק, ווי מיט אַ שאַרפֿער שווערד.
אָ, דעם עלעקטרישן שטראָם. אָ, די טעלעפֿאָנישע
פֿאַרבּינדונג. "דער אליפֿורני... מיט זײַנע
חכמים האַקן אָפּ די אַלע וואַסערן און די בּרינעם
וואָס דאָס וואַסער גייט אין שטאָט אַרײַן", אוצר
הקודש, זשאָלקעוו 1862, ז, 14. „איך האַק אָפּ
[דעם מאמר] און רוף, און בּעט איך מיטרופֿן:
געזונט זאָל זײַן שלום־עליכם!„, פּרץ, '
שלומעליכם'. אָ, עמעצן און אים בּכּיוון דערנידעריקן.

,,ער האַט זיך אַרויסגערוקט מיט זײַנע... מסירות... און האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ וויכטיקן פֿאַרשוין. עס פֿלעגט אויסקומען אים אָ'", ש.ר איבֿז, מ. אָלמינסקי, אין טפּיסע, מאָסקווע 1931.

4. מאַכן אַ הפֿסקה. אָפּשטעלן עפּעס. אָ, די שפּיל, דעם פֿאַרמעסט. "האָט אַ מאַך געטאָו מיטן האַנט און די קלעזמער האָבן אָפּגעהאַקט", מ ריבקין, דער וועליזשער בלוט־בלבול, ווילנע 1914, ז, 191. ,,דאָ מוז מען אָ, אַ רגע דעם געלויף, איבערכאַפּן דעם אָטעם", בערג, באם דניעפּער I, ,עמעס', ז, 117. אָ, מיט (פֿון) די ניטגעבעטענע טובֿות. "אָט האָדיעט שוין, האַקט אָפּ, לאָמיר בעסער ווײַטער פֿון אונדזער זאַך שמועסן", גענאַרטע וועלט, 1915? ,,דער נזיר האָט פֿאַרלענדט זײַנע רייד און אָפּגעהאַקט זײַנע משלים און שטראָפֿרייד,,, איבז, בן־המלך והנזיר, זשאָלקעוו 1771.

5. שטערן. רואינירן. ליקווידירן. אָ, מיט אַ שלעכט געשעפֿט. ,,פֿון אַ שלעכטן משׂא־ומתן האַקט מען אָפּ", שוו [מע ענדיקט ווי עס לאָזט

אָפּהאַרט(עווע)ן

זיך]. “האָבֿ מיר אָפּגעהאַקט מײַן פּרנסה‟,

מענהלשון אוי□ טײַטש, פּיורדא תּקכ״ו. „אַז מע גנבֿעט אַרויס כּײַם פּוילישן שענקער די פּאַרגראָבענע פּערדישע פּאָדקעווע פּון אונטער דער שוועל — ווערט בײַ אים אָפּגעהאַקט די מחיה‟, מ דלוגאטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881,

ז, □1.

6. זיך דערוויטערן. ניט האָבֿן מער קיין שום עסקים. ניט ממשיך זײַן אַ טעטיקייט. אָ, מיט דער חבֿרה ליידיקגייערס. „אַזוי אויך איין בּיז ווײַבֿ, טוא זיא מיט גט פּון דיר אבֿ הקין‟, עיון, ס/א.

7. אָפּזאָגן שאַרף, שרײַאיק, ניט־טראַכטנדיק. אָ, די אײַנגעלערנטע לאָזונגען, די אויסגעדראָשענע פּראָפּאַגאַנדע־רייד. אָ, אַ (גראָבֿן) ל י ג ן.

8. לאָזן אין אַ זײַט. ניט נעמען אין בּאַטראַכט געוויסע ציפּערן. אָ, די בּרוכצאָלן און אַלע חשבּונות מאַכן מיט די גאַנצע צאָלן. “ווען דו האָסט געהאַט 1524 גריוונעס, האָסטו זיי אָפּגעבּיטן ווילסטו וויסן ווי פּיל קערבּלעך דו זאָלסט נעמען בּײַ דעם חלפּן — זאָלסטו אָ, איין אות צו דײַן רעכטער האַנט...‟, ליבּין גאָלדין בּערג

מבוקארעשט   , מלאכת מחשבֿת, ווילנע 1874, ז, 34.

9. האַקן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. גאַנצע חדשים אָ, שטיינער.   *אָ, מיטן האַרצן — אַ לאַנגע צײַט הוסטן. „דער חולה האָט אָפּגעהאַקט (מיטן האַרצן) אַ גאַנצע נאַכט“.

מיט ז י ך — זיך אָ, די פּיס, בּסדר לויפֿן צו עמעצן. „יעדע מוראַשקע האַקט זיך אָפּ אַ היפּשע שטיקל בּלעטל“, איבּז, בּילדער פֿון טהיער לעבּען, ווילנע 1893. „דער שמועס האַקט זיך אָפּ“, ממוס, 'די אַלטע מעשׂה'. „איך מוז האָבּן אַ רובּל — ער האָט זיך אָפּגעהאַקט ווי אים וואָלט אָטעם פֿאַרפֿעלט“, אר. 'דער לושן'. „דער געלעכטער האָט זיך תּיכּף אָפּגעהאַקט„, מק, 'מוניע דער פֿייגל־הענדלער„. “דער מילנער לאָזט פֿלוצלינג אַראָפּ דעם שליוז. דער שטראָם האַקט זיך אָפּ„, י ראָלניק, זכרונות

־עכ ן. ־עניש. ־ער — אַ וואָרצל=אָ'. ־ערײַ.

אָפּהאַרבּסטן — אוטוו ־בּסט אָפּ, י'

געהאַרבּסט. פֿאַרבּרענגען דעם האַרבּסט. אָ, אין שטעטל. אָ, בּיז איבּער אַלע יום־טובֿים צווישן משפּחה.

אָפּהאַרט(עווע)ן — טרוו. האַרט(עווע) אָפּ,

.„גערהאַרט(עוועט). 1. האַרט מאַכן. אָ, שטאָל.
2. פֿאַרהאַרטעווען פֿיזיש. אָ, דעם קערפּער.
„... פֿעסטעט ניט די קינדער. זיי ווערן
געוואוינט צו רעגן און קעלט, ווערט זייער גוף
אָפּגעהאַרטעוועט“, רחלע די זינגערין, זשיטאָמיר
1868. 3. מאַכן גײַסטיק שטאַרקער,
לעבנספֿעיקער. “זייער [דער יוגנטס] גייסט
אָפּהאַרטעווען, ער זאָל ניט דאַרפֿן זײַן באַשטענדיק
אײַנגעשנערעוועט און געוויקלט אין קלאָטשע“,
ארז, קמ 20 1870, No. „בײַם דערוואַקסענעם
מענטשן וואָס דאָס לעבן האָט אים
אָפּגעהאַרטעוועט אין דער מלחמה מיט אַלערהאַנט

אומאָפּהאָרכן

שטאַנדן“, ממוס, שלמה “[פּאָגראָם־יתומים]
ווערן אויף אַ באַזונדערן אופֿן אָפּגעהאַרטעוועט,
וואַכזאַם און מאָדנע לעבנספֿעיק“, דר, פֿישל
שניאורסאָן, די קאַטאַסטראָפֿאַלע צײַטן און די
וואַקסנדיקע דורות, בערלין. מיט ז י ך —
„[דעם קינדס] אַרגאַניזם האָט נאָך ניט באוויזן
זיך אָפּצוהאַרטן קעגן די אַרומיקע
שעדלעכקייטן“, דר, י איפּ, געז, פּאַריז 1 1948, No.
אָפּהאַרטונג. —עניש.

אָפּהאָרכן — אוטוו & טרוו. האָרך אָפּ, ~
געהאָרכט. 1. הערן אַ לענגערע צײַט. גאַנצע
אָוונטן אָ, ראַדיאָ. 2. אויפֿהערן האָרכן.
3. אויפֿהערן געהאָרכן. „איצטיקע קינדער האָבן
שוין צו צוועלף־דרײַצן יאָר אָפּגעהאָרכט
טאַטעמאַמע“.
אָפּהאַרן — אוטוו & טרוו. האַר אָפּ, ~געהאַרט.
אָפּוואַרטן (אין געהויבענעם לשון, אין
אַרכאַאיזירנדיקן סטיל). „הכּלל, האָט ער אים
אָפּגעהאַרט אין וואַלד, און ווי דער פֿויער איז
געקומען אין וואַלד אַרײַן...„ פֿמ [בײַ אונז
יודען, וואַרשע 1923, ז, 85]. „צוואַנציק הונדערט
יאָרן האָסטו אָפּגעהאַרט אויף דײַן
אַנטפּלעקער„, יהואַש, 'אַנטפּלעקט,. ־עניש.
אָפּהאָרן — טרוו. האָר אָפּ, ~געהאָרט.
אַראָפּנעמען די האָר. אָ, פֿיס. אָ, אַ פּנים מיט
עלעקטראָליז. אָ, פֿעלן נאָכן אויסווייקן זיי
אין וואַפּנע. „דער פּראָצעס פֿון אָ, פֿעל מיט אַ
שאָבאײַזן אין ליטע אָדער מיט רידעלעך אין
קרעמענטשוג“.
אָפּהאָרעווען — אוטוו. ־עווע אָפּ, ...,,
געהאָרעוועט. 1. טאָן שווערע פֿיזישע אַרבעט אַ
לענגערע צײַט. אָ, אין שאַפּ פֿאַרן בעל־הבית
פֿערצן שעה אַ מעת לעת [געדויער אין

אַקוזאַטיוו פֿון צײַט]. „מיט ביטערן שווייס האָט מען
עטלעכע טעג אָפּגעהאָרעוועט“, יד „... זאָל
זוכן אַלערליי מיני תּחבולות ווי אַרויסצוּוואַרפֿן
... אויפֿן גאַס אַלטע לײַט... וואָס
אָפּגעהאָרעוועט פֿאַר אים זייער גאַנצן לעבן“, דער
שטאָדטמגיד, ווילנע 1897. 2. פֿאַרענדיקן, אויפֿהערן
האָרעווען. אָ אַליין ביז עס קומען די געהילפֿן.

„אַז ער האָרעוועט נעבעך אָפּ דעם טאָג, פֿילט
ער דאָך קיין אבֿר ניט„, ה קליבאַנאָוו, דער
לוקסוס, ווילנע 1901, ז, 11.
3. דז בב 1־2 וועגן ניט קיין פֿיזישער
אַרבעט. אָ, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן
בײַם גרייטן זיך צו עקזאַמענס. „דער שול־חזן
וועלכער האָט אָפּגעהאָרעוועט בײַ אַן עמוד אַ
שיינע פּאָר צענדליק יאָר און אָפּגעריבן די
שטימע זײַנע...„, הר׳ לוי גליקמאַן, זכרונות
לבית לוי, קעשענעוו 1934. 4. זײַן אַ לענגערע
צײַט אין אָנגעשטרענגט לערנען, זיך פֿאַרטיפֿן
אין אַ טעאָריע, אַ שיטה, אַ לערע. אָ, אין
ירושלמי, אין רמבם. אָ, אין מוסר. "אָ יובֿל
יאָר אָפּגעהאָרעוועט אין חסידות...“, לדב, נ„י
תּשי"ז, ז, 386. אויך מיט ז י ך. ־עכץ.
־עניש.

אָפּהבּלען — [... העוולען] אַקוזוו. הבּל אָפּ,

1765

~געהבלט. פּטרן צײַט אויף נישטיקע זאַכן וואַס האָבן ניט קיין גײַסטיקן ווערט. אָ, א לעבן און שטארבן א נאַר. אָ, די יונגע יאָרן מיט ספּאָרט —עניש.

.

אָפּהובּלע(ווע)ן — טרוו ־ע(ווע) אָפּ, ▯ .—,
געהובּלע(ווע)ט. 1. פֿאַרענדיקן הובּלען. אָ, אַלע בּרעטער. 2. אַראָפּנעמען פֿון האָלץ סטרוזשקעס, הובּלשפּענער מיט דער הילף פֿון אַ הובּל. אָ, אַ גאַנצן זאַק סטרוזשקעס. „ווײַן, יונגער און ניט קלאָר, אַז זאָל זײַן אין דער גיך קלאָר. נעם וואָס מע הובּלט אָפּ פֿון האָלץ... און לאָז אַרײַן אין פֿאַס אויף אַ שנור — וועט זיך אויסשטיין דורך איין טאָג“, איין בּיכל וואָש דרינען געפֿינט זיך זאכין טשיקאווי, שקלאָוו תּקנ“ה. “אַ גאַנצן טיש, אַ בּעט, א טאבּורעט האָט ער ... ניט אויסגעארבּעט. אַ פֿיסל, א ווענטל, אַ בּרעטל אָפּגעהובּלט“, אַר, 'די דרײַ טאַקטן'. 3. אַראָפּשיילן, אַראָפּשנײַדן מיט אַ הובּל. אָ, אַלע שאָרסטיקייטן. „אין אַלע איבּעריקע

ווענטלעך דאַרף מען די קאַנטן שוין נישט אָ, שיף“,
בּעך, ז, 64. *אָ, ס'פּנים = אָנפּאַטשן.
4. מאַכן גלאַט, גלאַטיק. אָ, דעם בּאַריכט,
די רעדע, דעם אַרטיקל אע. „די אַרבּעט פֿון די
רעפֿאָרמירטע ייִדן [איז בּאַשטאַנען] אין אָ, און
אַראַפּנעמען... מאַכן גרינגער דעם ייִדישן
עול“, קאָר II, ז, 204. ־עכ□ן. ־עניש.
־ער — ניט קיין סטאָליער, נאָר אַן אָ'ער.
־ערײַ.
אָפּהוד(י)ען — ־ד(י)ע אָפּ, ~געהוד(י)עט. פּפֿ
□ „..הודז(י)ן, ~הו(ד)זשען. אוטוו —
פֿאַרענדיקן אַרויסבּרענגען היכע, צעצויגענע,
רוישיקע קלאַנגען. אָ, מיט דער בּאַסאָווער שטים
און אַוועקגיין. „די מאַשין האָט אָפּגעהודיעט,
אָבער זיך ניט גערירט פֿון אָרט“. טרוו —
מיטן אָ, עפּעס אויסדריקן. „די פֿאַבּריק הודיעט
אָפּ דעם אָנהייב פֿון אַרבּעטסטאָג“ ־עניש.

□

אָפּהויבּן — נר. ← אָפּהייבּן.
אָפּהוידען — טרוו ־דע אָפּ, ~געהוידעט.
וויגן אויף אַ הוידע, הוידלקע, אַ לענגערע צײַט
אָדער (און) אויפֿהערן הוידען. אָ, די קינדער.
געוויינטלעך מיט ז י ך. “דו האָסט זיך שוין

אָפּגעהוידעט. לאָז אַן אַנדער קינד זיך הוידען,,.
[אין אוקר ווערט אָ, זיך גע ד מיטן בּ:
ניצט אוי
זיך מייש זײַן איבּערן זיך שאָקלען בּעת אַן
ערנסטן שמועס — "אַז מע האָט זיך
אָפּגעהוידעט, זאָל גאָט העלפֿן אַז אונדזער החלטה זאָל
זײַן צום גוטן".] —עניש.
אָפּהויך — דער, ־ן. אַקט פֿון אָפּהויכן. אַ
שוואַכער אָ, ־ונג — די, ־ען. פּראָצעס
.
פֿון אָפּהויכן. סיסטעמאַטישע שטויבּ־אָ'ונג.
אָפּהויכן — טרוו הויך אָפּ, ~געהויכט.
אָפּבּלאָזן מיט דער לופֿט וואָס מע אָטעמט אַרויס.
אָ, אין דער פֿאַרפֿרוירענער שויבּ א רעדעלע.
"די מאַמע הויכט אָפּ דאָס פֿינגערל וואָס דאָס
קינד האָט פֿאַרקלעמט אין טיר". ,,זי האָט מיט
דער פּאַרע פֿון איר מויל אָפּגעהויכט און מיט
אירע נעגל פֿרײַ געמאַכט א געפֿרוירענעם בּלויז

אָפּהויפֿ(ענע)ן

אויפֿן שײַבּל", אַש, תּהילים ייִד. *אָ, דאָס אָרט
וואו עמעצער זיצט (שטייט) = האַלטן אין
כּבוד, שטענדיק זײַן גרייט צוצודינען.

אָסהוילן — טרוו. הויל אָפּ, ▯, געהוילט.
Mhd: ab(e)holen. אַרכ, דטשמ, נר.
אָפּבּרענגען. אָפּנעמען. „איך וויל זעלבּשׂט נאָך איר גיין אונ, וויל זיא אבּ הולין ווידר צו מיר“, נצ 1, ויקרא א/ג. „עטליכי (יחידי סגולה) האבּן צו אים גשיקט איין (שליח) דער אים זאָל אבּ הולן פֿון דאָרטן“, שאַר, קמ „מײַנע משתּדלים אויז גריכט, דז מן מיך האָט אבּ גיהולט צום הוף פּראווזין [=טורמע־קאָמענדאַנט]“, יום־טו ▯ ליפּמאן העלער, כ״י, 'מגלת איבֿה', 1703. „אָפּגעשיקט קיין לעמבּערג פּאָסט־רעסטאַנט, כּדי זיי צו קענען אָ... ווען זי ועט דאָרט זײַן“, בּנצבֿי, דעם שענקערס טאָכטער, קראָקע תּרע״א. „קומען צו מיר אַהיים... אים [דעם דיפּלאָם] אָ'“, יהל, די ערשטע ליבּע, ז, 42. אויך מיט ז י ך — „ווער דאָס קינד אויפֿציִען וועט, זאָל אַלע יאָר, בּיז דאָס קינד וועט זיבּן יאָר אַלט זײַן, אָ, הונדערט פֿיאסטער“, איין שיינע וואונדערליכע היסטאָריע פֿון דעס אומגליקליכען עמינדב, וואַרשע 1855.

אָפּהוילן — טרוו הויל אָפּ, ▯, געהוילט. <הויל, אַדי, <אַלט־טשעכיש — holy. אָפּדעקן. מאַכן נאַקעט, הויל. „אויף דעם שלאַכטפֿעלד...

האָבן זיי בלויז געוואַרט... זיי זאָלן קענען אָ,
די געפּאַלענע,,, ירחמיאל גרין, באַרג־ייִדן,
וואַרשע 1938. ,,עס האָט דער עולם אָפּגעהוילט די
קעפּ אויפֿן רעגן‘‘, יודל יאָפֿע, פֿרישע קויכעס,
מאָסקווע 1940.   מיט ז י ך — ,,איר וואונד
האָט זיך אָפּגעהוילט און שמערצט‘‘, יודל יאָפֿע,
אין קעסל גרוב, מאָסקווע 1929.
אָפּהויען — טרוו הוי אָפּ, ~געהויט, ~
געהויען. ארכ. דטשמ, נר.   אָפּהאַקן. רײַכלין 8
פֿאַרטײַטשט ,וקצתה, (ד״רים, כה, 12): ,,דו
זולט אבהוון,, [תּי ,,זאָלסטו אָפּהאַקן,,]. מלל
פֿאַרטײַטשט 'ואַשריהם תּגדעון, (דבֿרים, ז, 5):
‘‘אפּהויאן‘‘ [תּי ,,אָפּהאַקן‘‘]. ,,,... דאָשׂ האָרן
מואבֿ איז אָבּ גיהויאן, דשׂ מיינט דאָשׂ מלכות‘‘,
שערטיר, מח, 25. ,,דא צוג ער אויז זײַן שווערט
אונ, ער הויאט אבּ דשׂ הויבּט פֿון איינם חזיר‘‘,
יוסיפֿון, אַמשט 1661, פּ. ,,,... שטיין דז מען
אבּ הויט פֿון דיא זײַטן בלײַבּט דאָך איין
שטיין,,, נצ 1, יח/א. ‘‘פֿריד צו דיר, ריינע נשמה,
דאָס דו ביסט אָפּגעהויען געוואָרן פֿון כּסא
הכּ״וד‘‘, מענה לשון אויף טײַטש, פֿיורדא
תּקכ‘‘ו. ,,אין שטאַנד מיט זײַנע גרויסע שווערד,
אַלע קעפּ פֿון מײַן חייל אָפּצוהויען,,, מע״ה

מג, אחים, וואַרשע 1870.
אָפּהויפּ(ענע)ן — טרוו הויף, הויפּן אָפּ,
י.,,געהויפּ(נ)ט. אַראָפּנעמען מיטן הויפּן,
הויפּנוויַיז. אָ, מעל (צוקער) פּון זאַק. אָ, קיכלעך און
געבן די קינדער. ,,ווען ער האָט פּון די וואַסער
גענומען מיטן הויפּן און ער רייַבט די הענט צו
רייניקן זיי מיט די וואַסער וואָס ער האָט
אָפּגעהויפּט, זענען די [איבערגעבליבענע] וואַסער
אין דער כּלי... כּשר צו וואַשן זיך מיט זיי,,,

אָפּהולטיי'עווען
-

איבז, הרבֿ ש ז שניאורסאָן, ספֿר ברכות
הנהנין, וואַרשע 1874, ז, 8.
אָפּהולטיי'עווען — אוטוו ־טיַי'עווע אָפּ,
~געהולטיַיעוועט. פּפּ. ~הו'לטעווען. אַ
-

לענגערע צייַט הולטיַיעווען, פֿירן אַ לעבן פֿון אַ
הולטיַי — און אויפֿהערן. אָ, ביזן פּטרן
אינגאַנצן די ירושה.
אָפּהול(י)ען — אוטוו ־ל(י)ע אָפּ, ~

געהול(י)עט. לד: י.,,הולענען. אַ לענגערע צײַט (כּסדר) הוליען. אָ, אויף אַלע שׂמחות. אָ, בּיזן פֿרימאָרגן. אָ אַ לעבּן. ,,געהוליעט און אָפּגע,

הוליעט, בּיז מע האָט אויפֿגעהערט אים פֿאַרבּעטן אויף שׂמחות". אָ, ווי דעם נגידס בּן־יחיד. א אַ לעבּן וו אַן עובֿר־בּטלער סולטאַן. ,,
אָפּ, י
געהוליעט אַ גאַנץ יום־טובֿ", פּלאי, המדבּר בּצדקה, וואַרשע תּרנ"ב, ז, 31. "אָפּטמאָל טאַנצט מען דאָרט און מע הוליעט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט,,, שע, יוגענד ראָמאַנען, ז, 98. ,,איר פֿאָרט צום רבּין, דאָרט וועט איר שוין... אָ, דעם גאַנצן שבּת", ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע, ז, 92. ,,נאָך אַזאַ נאַכט אָפּהולענען... פֿאָדערן אידעאַליזם פֿון אונדז!", בּ שקליאַר, אויף פֿאַלשע ווטגן, קאַונאס 1939. ,,עס האָט שוין די פֿאַרפֿלייצונג אָפּגעהוליעט" [פֿיג, געווילדעוועט], חג, דער מט[טש ון פֿוּוער, ז, 127. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָפּהולכן — [... הוי'לעכן] אוטוו, אַקוזוו. הולך אָפּ, ~געהולכט. 1. אָפּגיין אַ גרעסערן שטח. אָ, מײַלן און מײַלן. 2. אַוועקגיין. זיך אָפּטראָגן. "נו, הולך שוין אָפּ; אַז מע וועט דיך באַדאַרפֿן, וועט מען שיקן נאָך דיר דעם שאַלאַטן־שמש"...

אָפּהונגערן — אַקוזוו ־גער אָפּ, ~געהונגערט. הונגערן אַ לענגערע צײַט (און אויפֿהערן). אָ, אין דער פֿרעמד. אָ, אַ האַלב לעבן. „עס איז ניט געווען קיין כּשרע קיך און ער האָט אָפּגעהונגערט די נסיעה זײַנע". „אַ נס וואָס די שוויגער האָט זיך דערמאָנט אַז מענדל האָט נאָך ניט געפֿרישטיקט, אַז ניט וואָלט ער אָפּגעהונגערט גאָט ווייס ביז ווי לאַנג„, י. גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק, ווילנע 1893, ז, 54. אויך מיט ז י ך — זיך אָ, און פֿאַרלירן אַ סך וואָג. —ניש.

אָפּהוסט — דער, ־ן. אַקט פֿון אָפּהוסטן (זיך). אַ שווערער אָ, מיט אַ שטעכעניש אין ברוסט.

אָפּהוסטלען — דזוו אַפּהוסטן, נאָר מיט קליינע, מיט דראָבנע הוסטעלעך. „דערנאָך הוסטלט ער אָפּ און טוט אַ שפּרונג„, חג, דער מאמעט שבתים „א גאַנץ פֿײַן בית־.מדרש! — האָט

אָפּגעהוסטלט... אין זײַן גראָ בּערדעלע אַרײַן“,
ז דיאמאנט, אוק, ר“ה תּשט“ו. מיט ז י ך —
„זיך אָפּגעהוסטלט און בּזה הלשון זיך הייזעריק
צו די דיכטער געדוענדט„, ייִט, ספּר אידיש,
מאָנטרעאָל 1950, ז, 356.
אָפּהוסטן — הוסט אָפּ, ~געהוסט. אוטוו —
1. הוסטן אָ לענגערע צײַט. אָ, אַ גאַנצע נאַכט

1766

און ניט צימאַכן אַן אויג. אָ, מ י ט בּלוט.
2. אַ בּיסל אַ הוסט טאָן. אָ', אויסשפּײַען און
אַוועקלייגן די פּיפּקע. „גרינשטיין, אָ'דיק און
אויסגלײַכנדיק זיך אין זײַן גאַנצער פֿיגור, האָט
זיך געקליבּן שוין אַרײַנצוגיין“, ווײַס I, ,דער
לערער גרינשטיין'. „דער ראַבּײַ האָט זיך
טרוקן אָפּגעהוסט און דער האַלדז בּײַ אים האָט א
זיך אָנגעגוידערט“, פּנחס גאָלדהאַר, גש, מעל־
בּורן 1939.
טרוו — מיטן הוסטן עפּעס אַרויסשפּײַען,
אַרויסקריגן פֿון האָלדז, פֿון מויל. אָ אַ בּיינדל
,
פֿון האַלדז, אַ בּרעקל. אָ, שטיקלעך בּלוט. אָ, א
לייכעץ. “דער מחותּן הוסט אָפּ, ווי ער וואָלט

געוואָלט בײַטן דאָס קול,,, חג, דער מאַמעס
שבּ□[י□]
מיט ז י ך — ,,דער גזלן דער מאָגן ווייסט
פֿון עפּעס? — האָט זי גערעדט אָ'דיק זיך,,,
פּינסקער שטאָדט□לוח II, ווילנע תּרס״ד, 1903.
,,זייער נוצלעך איז אויך דער אַרט הוסט,
וואָס דער מענטש רופּט אַליין אַרויס בּײַ זיך;
זיך וואָס ס'איז אין האַלדז״, ד,,ר צ. שאבּאַד, אָ
דאָס איז דאָס אָ', אָפּכראַקענען, בּעת ס'שטעלט

די זעלבּסשוץ פֿון מענשלעכן אָרגאניזם, וואַרשע
1925, ז, 12. ,,אויסגעשטרעקט זײַנע דינע הענט,
נאָכאַמאָל זיך אָפּגעהוסט און אָנגעהויבּן,,, ש.
בּרעגמאן, אפֿן מיזרעכ איז אומרואיק, מאָסקווע
1934. ־עניש. ־ער — ניט קיין הוסטער,
נאָר אַן אָ'ער ־עריי. אָ
. —
~הוסן (זיך) — דזוו אָפּהוסטן, פֿטמ.
,,כ'זאָל נאָר קענען אָ'!״. ״איידער ער האָט זיד
גענומען צו דער ארבּעט, האָט ער זיך געמוזט
ווידער זײַנס אָפּהיסן״, יודישער קאלענדאר
לשנת תּרע״ב [רעד, משה פּראָסטיג], לעמבּערג
.1911

אָפּהוקען — ־קע אָפּ, ~געהוקעט. אוטוו — ארויסגעבן א לענגערע צײַט אומקלאָרע (און אַזוי ווי בייזע) קלאַנגען, ענלעכע צו הו־הו. אָפּבורסשען און אָ אַז מע זאָל עס וויסן וואָס

,

ער וויל. „אויף דעם ימים־נוראימדיקן בעלתּפֿילה וואָס האָט זיי [דאַטיוו] אָפּגעהוקעט אין שנײַדערשן שולכל די הייליקע דרײַ טעג...“, ירחמיאל גרין, באַרג־ייִדן, וואַרשע 1938. טרוו — הוקענדיק עפּעס אַרויסברענגען. אָ, באַפֿעלן. אָ, דאָס גאַנצע דאַוונען. מיט ז י ך ־עכץ.

.

־עניש.

אָפּהורן — טרוו הור אָפּ, ־.־,געהורט. וואול. דורכפֿירן סעקסועלן אַקט. מיט ז י ך — קזוו אויך: אַ לענגערע צײַט, פֿילמאָליק.

אָפּהיבן — טרוו היב אָפּ, ~געהיבט. ארכ Mhd: ab(e)heben. אָפּהאַקן. טח פֿאַרטײַטשט 'מחקה ראשו, (שופֿטים, ה, 26): „הוב אים אב זײַן הויפּט“. [תּי: „צעקלאַפּט זײַן קאָפּ“].

אָפּהיבּען — אוטוו, אַקוזוו ־בּע אָפּ, ־י־,
געהיבּעט. 1.r פּנ.r: <. מג אָנלײַדן זיך.
אָפּמאַטערן זיך, פּײַניקן זיך (שטילערהייט).
"אַלע יאָרן האָט זי בײַ אים אָפּגעהיבּעט, קיין

אָפּהימן

רעכטן טאָג ניט געהאַט". "ער האָט נעבעך
אָפּגעהיבּעט זײַן לעבן. אַצינד, ווען ער האָט
שוין געקענט האָבן אַ ביסל נחת, איז ער אַוועק
פֿון דער וועלט,,. ,,זי האָט בײַ אים אָפּגעהיכּעט
צען יאָר, מער האָט זי שוין ניט געקענט
איבּערטראָגן".
פּהיט — דער, ־ן. אַקט פֿון אָפּהיטן.
אַבּסאָלוטער אָ, פֿון געזעץ. ,,די זיכערסטע
בּאַוואָרעניש קעגן זינד... דער אָ, פֿון זײַנע געבּאָטן
אָן דעם מינדסטן רעבּעלישן איבּערפֿרעג,,,
שבּש I, ז, 360. אָ־ מ י ט ל.
פּהיטונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אָפּהיטן. כּסדרדיקע אָ'. די אויסערגעוויינלעכע אָ,
פֿון פּרעזידענט. "תּורה בּרענגט צו אָ, און אָ,
בּרענגט צו זיטלעכע ריינקייט", גרש ון מאיר
בּאָ אָרסקי, רבֿ אין וואַשילקאָווע, דעס יצר־הרע'ס
ו

שוהלע, פּיעטריקאָוו 2 .1911. אָביעקט פֿון
אָפּהיטן. ״און ער [דער שעפּס] דער זאָל בײַ
אײַך זײַן אַן אָ, ביזן פֿערצנטן טאָג פֿון דעם
דאָזיקן חודש״, תּי, שמות יב, 6. אָ,־קאַמער.
פּהיטיק — אדי. נעאָל. וואָס איז פֿאָרזיכטיק,
ניט־לײַכטזיניק, וואָס היט אָפּ אײַנגעשטעלטע
אָרדענונג. אָ'ע מענטשן. „דער שׂונא איז ניט
צעשלאָגן... גלייבט ניט! זײַט אָ'„, סיראַטינער
איבז, נ. נאַקאַר אַקאָוו, פּעטקע דער אַדמיראַל,
י

מינסק 1931.
פּהיטן — טרוו. היט אָפּ, ~געהיט, ~געהיטן
(אין פּר, גאַליציע, אין טעקסטן ביז 20. י„ה).
1. גוט היטן. דערהיטן. אָ, ווי דער שוואַרצאַפּל
(פֿון אויג). אָ, ווי אַן אויג אין קאָפּ. אָ, ווי דאָס
אייגענע לעבן. „גאָט, היט אָפּ פֿאַר אַ
שקרבלבול!״ ״גאָט, היט אָפּ פֿון איין זאָרג!״
[געוויינטלעך האָט מען אַ סך זאָרגן. א ייִ ן
זאָרג איז אַ סימן אַז זי איז זייער אַ שווערע],
שוו ״גאָטעניו, היט אָפּ פֿאַר גויאישע הענט און
פֿאַר ייִדישע מײַלער„; „שומר ישׂראל, היט אָפּ
דײַן פֿאָלק ישׂראל״; „גאָט, זאָלסט מיך אָ, פֿאַר
מײַנע פֿרײַנד, פֿאַר די שׂונאים וועל איך זיך

אַליין היטן"; „ריינקייט היט אָפּ דאָס געזונט",
שוו "דאָס מויל פֿון ערלעכע מענטשן היט זיי
אָפּ", מס, משלי, תּקע"ד, יבֿ, 6. „אָן ווענט, אָן
טויערן, אָן שווערע ריגלען די גרענעצן ווערן
אָפֿגעהיט", האל, מ־ן אוצך, ז, 57.
2. גוט בּאוואַכן עמעצן. אָ, ווי דעם בּן־מלך,
ווי די בּת־מלכּה, ווי דעם פּרינץ, די פּרינצעסין.
אָ, ווי די הייבּאַם דאָס קינד. „דרײַ זאַכן מוזן
דווערן אָפּגעהיט: אַ חתן, אַ כּלה און אַ חולה„,
שוו [שלשה צריכין שימור: חולה, חתן וכלה",
בּרכות נד/בּ]. "די נשמה איז איין רוחני זאַך,
אַזוי וו אַ מלאך... נאָר גאָט בּ"ה האָט זי
י

אָנגעקניפּט אָן גוף, מוז זי דאָך זען דעם
אָפּצוהיטן", קיצור חובֿות הלבֿבֿות, עט עבֿרי ט.טש,
יוזעפֿאָף, 1844. "וועז דו נעמסט זיך אונטער אַז
דו זאָלסט אים זײַן לעבּן אָ, וועט ער בּלײַבּן
לעכּן", מחה בּרייטמאן, דיא געשיכטע פֿון
א לאָנדאָנער רבֿ, וואַרשע 1882. „אַ פֿירער
יודלען גיט ער מיט וואָס האָט אין וועג אים
אָפּגעהיט", ממוס, יודל פֿאַרנאַכט דאַרף מען
I „

אָפּהיטן

אים אָ'. ווען ער גייט... אַהיים, קען מען אים
אין גאַס, אָנלייגן אַ קאַרק,,, ש. בּעקערמאַנן,
דרא געהירמניםע פֿון אדעט, אַדעס 1885. "דײַן
חייל, דײַנע פֿוסגייער און רײַטער... אויף אָ,
דײַן צעלט, דײַן שוועל, דײַן טיר — כּדי דײַן
סוף ניט צולאָזן צו דיר", האַל, מ.ן אוצר,
ז, 248.
3. אויפֿהיטן. האַלטן אַן אויג אויף עפּעס.
זען עס זאָל ניט פֿאַרלאָרן גיין, ניט געמינערט
ווערן. אָ, דעם אוצר. אַ פֿאַרמעגן. אָ, ווי אַ
בּריל אַנט. אָ, דעם גראָשן (דאָס קערבל). אָ,
י
דאָס געזונט אָ, דאָס געשעפֿט, די אונטערנעמונג,
די אינסטיטוציע וואו מען אַרבּעט. אָ, די ירושה.
,,אַז מע היט אָפּ פֿרעמדס קומט מען צו אייגנס",
שוו. "שפּיל און לאַך — און היט אָפּ די זאַך,,,
שוו [צו אַ מיידל: מעגסט שטיפֿן מיט בּחורים,
אָבער היט אָפּ די בּתולים]. ,,ער [דער מענטש]
זאָל זיך אָפּלערנען פֿון אַ פֿוקס... צו זוכן
זײַן שפּײַז און אָפּצוהיטן זײַן לעבן", משה בּר,

□תן נטע איבּז, ש□ט מוסר, סודלקאָוו תּקצ״ג.
„... דער מענטש איז טרוד אָפּצוהיטן דאָס געלט... עס זאָל פֿון אים ניט איבּערגעפֿירט ווערן...“, קיצור חוֹבוֹת הלבבות מיט עבֿרי טײַטש, יוזעפֿאָף 1844. „דער וואָס ליבּט צו טרינקען קען דאָס געשעפֿט ניט גוט אָ'“, מסדר אגרת אָדער איין נײַער בּ״ש, וואַרשע 1858, ז, 83. ״כלײַבּט אַמינאָ אָפּצוהיטן טרײַ דעם רינג אַרן טרײַ דעם טויער„, יהואַש, 'דער בלומענקראנץ', ״איך בּין אַן אָפּגעדינטער קאַוואַלעריסט ... מײַן בּיקס האָכּ איך אָפּגעהיטן“, א. גאָלדבערג, נאָך דער שחיטה, פּשעמישל 1927, ז, 13.
4. דז בּשייכות מיט גײַסטיקע ווערטן, מיט מאָראַל. אָ, די מידה פֿון בּאַשייונקייט. אָ, צניעות. אָ, דעם ייִחוס פֿון דער משפּחה. אָ, אַלע לעבּנס־אָנווײַזונגען פֿון דער צוואָה. אָ, די פּרינציפּן פֿון דער עטישער לערע. געטרײַ אָ, דעם לערערס געדאַנקען. אָ, דעם צווייטנס כּבֿוד. ״יעקבֿ האָט געשיקט צוויי יונג־פֿרויען... צום הויז פֿון שכם, זיי זאָלן זיצן בּײַ דינה כּדי זיי זאָלן זי אָ,“, סיפּורי מלחמות בּני־יעקבֿ, טשערנאָוויץ 1864. „דרך־ארץ איינער פֿאַר דעם אַנדערן וואָס ווערט בּײַ צוויי גלײַכע צדדים אָפּגעהיט“, ממוס, א סגולה . . „עס איז

אונדזער זאַך אָפּצוהיטן דעם כּבֿוד פֿון דעם שיינעם ערלעכן מיידל„„ ספּ, ייִדישער קאָלאָניסט, ז, 18. "ניט אונדזערע לײַדן וויל איך איצט באַוויינען. / אַזעלכע טרערן פֿאַלן ניט אַראָפּ, — / זיי ווערן אָפּגעהיט ווי פּערל אין די קרוינען / וואָס נאָר מאַרטירער טראָגן אויפֿן קאָפּ", דא, אָבֿ הרחמים, ז, 52. "אַ ביסעלע נשמה און שטאָלץ אָפּגעהיט פֿאַר ווירדע, פֿאַר מענטש און פֿאַר ייִד", סעג, איצטער, 1948, ז, 7־1.

5. אויספֿאָלגן, דורכפֿירן אין לעבן וואָס עס איז געזעצלעך, מאָראַליש, געזעלשאַפֿטלעך און (אָדער) רעליגיעז אײַנגעשטעלט. היפּוך פֿון עובֿר זײַן. אָ, די דינים פֿון שולחן־ערוך. אָ, דעם שולחן־ערוך. אָ, די האַרבע און די גרינגע מצוות. אָ, אַלץ בין אָדם למקום (לחבֿרו). אָ,

176'7

בכל חומר־הדין. אָ, די תּורה. אָ, שבת, יומטוב. אָ אַלע תּעניתים. אָ, אַבֿלות. אָ, ליכט,

בענטשן. אָ, קידוש. אָ, אַ טראַדיציע. אָ,

ייִדישקייט. אָ, טהרת־המשפּחה. אָ, שטאַט. אָ, געזעצן
פֿון לאַנד. אָ, אַלע פֿירונגען. אָ, עטיקעט. אָ,
רעגולאַציעס.   פֿפֿ. אָ, ווי שבּת, דעם טאָג
שבּת, די מלכּה שבּת; אָ, ווי אַ פֿרומער ייִד
אַשרי (דעם אַשר־יצר), אָ, ווי נעגלוואַסער. „מע
היט אָפּ אַ דין און מע טוט אַ מצווה, אָבער מע
קען אויך: אָ, אַ מצווה“. „דרײַ כּללים זאָל דער
מענטש אָ': טאָן — ניט נאָכטאָן, טאָן — ניט
אָפּטאָן, טאָן — ניט אויפֿטאָן“, ר, י□Iראל
סאלאנטער. „איך היט אָפּ מײַן רעליגיע און
וויל ניט עסן וואָס מע טאָר נישט“, ממוס,
'שם און יפֿת'. „די אַרבעטער מוזן פֿאָלגן און
אָ, יענע געזעצן וואָס זייערע עקספּלואַטאַטאָרס
האָבן אַרויסגעגעבן“, 'בּונד', וואָס וויללען די
מאָציאלדעמאָקראטען אין רוטלאנד, זשענעוו
1899. “מײַן אָ, דעם יאָרצײַט קאָן ניט בעסער
זײַן“, ש ג הרכּבֿי, די געליהענע האַק, באָסטאָן
1911, ז, 21. „גראָד מיט דעם אָ, זייערע
אייגנטימלעכקייטן קענען די נאַציעס בּרעבגען דעם
גרעסטן נוצן„, זשיט II□, נ“י 1917, ז, 201.
“האָט אָפֿגעהיט דעם נײַעם קינסטלערס כּללים“,
שנ, קריטיק און קרדטיקער
6. זען, זאָרגן זיך אַז אַ צווייטער זאָל
דורכפֿירן, זאָל טאָן (אָדער מיט אים זאָל געטאָן

ווערן) וואָס און ווי עס איז אײַנגעשטעלט. אָ,
אַז דער מאַן זאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן צו דער
אַרבעט, ער זאָל קריגן זײַנע מאָלצײַטן צו דער
צײַט. אָ, אַז די תּלמידים זאָלן קומען
צוגעגרייטע צו די עקזאַמענעס. אָ, אַז דער יתום זאָל
זאָגן קדיש. אָ, די צײַטן ווען דער קראַנקער
דאַרף נעמען זײַנע רפֿואות. „דאָס גאַנצע שטעטל
ייִדן האָבן אָפּגעהיט, איך זאָל זײַן פֿרום“. „די
באָבע מרים מיט די גרויסע ברילן האָט
אָפּגעהיט מײַן דאַוונען און געקוועלט„. סעג,
איצטער, 1948, ז, □)4.
7. פֿאַרהיטן. זיך באַמִיִען אויסמײַדן,
פֿאַרמײַדן עפּעס שלעכטס. אָ, עמעצן פֿון אַ
סכּנה, פֿון אַ קראַנקייט, פֿון אַן אומגליק, פֿון
אַלעם שלעכטן. אָ, פֿון אַ בייז־אויג. אָ, פֿון אַ
טעות, פֿון אַ פֿאַלשן באַשלוס, פֿון אַ שלעכטער
עצה אע. אָ, פֿון דורכפֿאַלן, פֿון זינד. אָ, פֿון
גני□ות.
*גאַט זאָל אָ, — א) הלוואַי זאָל ניט געשען;
ב) אַרויסצוהייבן די אומגעווײנלעכקייט, די
שווערקייט פֿון אַ מצבֿ, דאָס געטומל אע.
“גאָט זאָל אָ, סאַראַ געשלעג עס איז געוואָרן„.
„גאָט זאָל אָ, וואָס בײַ מיר האָט זיך צעטאָן אין
דעם זיבעציקסטן יאָר בשעת דער... מלחמה“,

י]. „עלנט, אָרעמקייט... גאָט זאָל ד י ך אָ, צו באַגעגענען מיט זיי“, יד, אבן נגף. “גאָט זאָל דיך אָ, פֿון דערהרגענען איין מענטשן“, מס, גליקליכע און אומגליקליכע.

„גאָט זאָל אָ'“: א) „פֿאַר ווײַסע יאַרמלקעס„ [געווען ערטער וואו אַבֿלים פֿלעגן טראָגן ווײַסע יאַרמלקעס, אויך די וואָס האָבן גענומען אויף זיך אַ נדר]; בּ) “פֿאַר גויאישן כּוח און ייִדישן

אָפּהיטן

מ ח“ [וואָס קענען טאָן שלעכטס]; ג) „פֿאַר ייִדישער גאווה און פֿאַר גויאישער תּאווה„; ד) “פֿאַר קליינע פֿלעשעלעך [פֿאַר רפֿואות וואָס קומען אין קליינע פֿלעשעלעך]. האַלבּ־שפּאַסיק: „גאָט זאָל אָ, — פֿאַר קאַמענעצער כאָדאָטײַעס און פֿאַר אַדעסער הולטײַעס“; „... פֿאַר עשׂוקעס קלעפּ און ליטווישע קעפּ„; “... פֿאַר וואַרשעווער פֿרעסער און פֿאַר קראָקעווער וואָס וייסן בעסער“.

„מע האָט אײַך געשוכט און געקליידט, אָפּגעהיטן פֿאַר צרות, פֿאַר לײַד“, עט, לידער.

„דאָס קינד איז קליינערהייט געלעגן זייער שטיל, ... פֿון אַ גוטן־אויג האָט מען עס אָפּגעהיט“,

ממוס, יודל „און זאָלסט מיך אָ, אַז איך זאָל
חלילה ניט אַרויפֿלייגן מײַן האַנט אויף אים
[אויפֿן עופֿעלע] בשעת שלאָפֿן, אַז איך זאָל אים
חלילה קיין טויט ניט מאַכן„„ הנהגות הנשים,
ווילנע תּר״ה. ״היט אים אָפּ, ער זאָל ניט
אָפּגעבּרענט ווערן״, ווז, בּריוו [פֿש II]. „אונדזער
לאַגע פֿאָדערט אַ ניכטערן קריטיציזם וואָס זאָל
אונדז אָ, פֿון... ניט־בּאַגרינדעטע האָפֿענונגען״,
זשיט יI, נ״י 1912, ז, 107. „מע דאַרף
אויסמײַדן כּאַרירונג מיט קראַנקע, אַלערשטנס דאַרפֿן
דערפֿון אָפּגעהיט ווערן קינדער״, „אַן אויפֿרוף
וועגן טובּערקולאָז', וואַרשע 1933. „אײַנשטעלן
ווייכע קישעלעך וואָס וואָלטן אָפּגעהיט די
האַרץ־קאַמער פֿון ד אַרבּעטער בּײַם אָנדריקן
,

אריף זיי״, די גארבּער און בּערשטער שטימע,
מאָסקווע No 2 1928. „די שטרענגע פּאָליטישע
ערלעכקייט האָט זיי אָפּגעהיטן פֿון יענעם
אַמעריקאַנעם פּאָליטישן זומפּ״, דא, פֿון בּערלין בּיז
סאן־פֿראנציסקאָ, וואַרשע 1930, ז, 140. „אויב
איסורי עריות וואָלטן געקענט חתונה האָבּן אין
ארץ־ישׂראל, וואָלטן מיר אין גלות בּכלל ניט
געהאַט קיין מעגלעכקייטן אָפּצוהיטן ייִדן פֿון

אַזעלכע איסורים״, הרבֿ י ד. סאָלאָווייטשיק, 'דרשה', אַטלאַנטיק־סיטי, כּסלו תּשכ״ב.

8. מקפּיד זײַן. פּינקטלעך זײַן אין אַלע פּרטים. זײַן פּאָרזיכטיק. אָ, דעם אָפּמאַך, דעם קאָנטראַקט. אָ, אַלע באַדינגונגען, תּנאָים. אָ, דעם אַרויסרייד פֿון אַלע קלאַנגען. אָ, אַלע כּללים פֿון אויסלייג. אָ, אַן אײַנגעשטעלטן סדר. אָ, זײַן ריי, זײַן אָטשערעד.

אָ, דאָס מ ו י ל (די צ ו נ ג) — א) זיך

היטן מיט אַן איבעריק אָדער אומפּאַסיק וואָרט; בּ) ניט זינדיקן מיט רייד. ״דער וואָס היט אָפּ זײַן מויל דער היט אָפּ זײַן נפֿש פֿון אַלע זינד״, א. לאנדאָ, ספֿר הדרת אליהו, ווין, יאָר?, ז, 17. ,,ווען איין מענטש שטייט פֿאַר דעם קיניג, וועט ער געוויס אָ, יעדן וואָרט און יעדן טריט, ער זאָל דעם קיניגס געזעץ ניט איבערטרעטן,,, חא, ד/בּ. ״דער מענטש וואָס ער וויל לאַנג לעבן דאַרף אָפּציהיטן זײַן צונג פֿון לשון־הרע״, הרבֿ א ל בּראנדיט איבֿז, ספֿר שיח טפֿונים, יאַס 1843. ״פֿון דײַן ווײַב אַפֿילו היט אָפּ דײַן מויל״, מ א ביילינמ ן איבֿז, רבּינו אַשר, ארחות חיים, אַדעס 1898.

▯ אלע עסנוואַרג האָט אַבֿרהם אָפּגעהיט עס
זאָל זײַן טהור“, נצ2, לבֿ/א. „זעלכע מענטשן

אָפּהיטן זיך

וואָס זוכן אויסצוקלערן זייער לייענען, זיי זאָלן אָ
זאָגן די ווערטער גוט און ניט קיין גרײַזן און
אָפּצוהיטן די נקודות“, חה, 1848, ז, 214. „מע
פֿלעגט אָ, ניט צו רירן דעם כסא של אליהו פֿון
אָרט בֿיז דרײַ טעג נאָכן בֿרית, ווײַל עס איז דאָ
דערבײַ אַ סכּנה“, אברהם רעכטמאַן, ייִבֿל II ▯ XI.
9. אָפּוואַרטן עמעצן אָדער דעם פּאַסיקן
מאָמענט. אָ, ווען דער רבי וועט זײַן אַליין. אָ, דעם
בעל־הבית פֿון צו בעטן אַ הוספֿה. אָ, די
ריכטיקע צײַט זיך דורכצורייִדן מיט... אָ, ניט
דורכצולאָזן אַ שעת־הכּושר. אָ, די סוחרים, די
פּויערים וואָס פֿאָרן אויפֿן מאַרק. „אַ גלאַוונע
אַכסניא איז... פֿול פֿון קרעמער־יונגען אום
אָפּצוהיטן אַן אורח אָדער אַ פּריץ וואָס דאַרף
עפּעס קויפֿן“, אמד, די אורחים אין דוראָצעמאָק,
ווילנע 1872. „האָט ער ווידער אָפּגעהיט ווען
קיינער איז ניט געווען און האָט אַרויסגענומען
פֿון קאַסע פֿינף פֿונט“, מ. אחון, די צוויי
שוועגער, ווילנע תּר״ס, ז, 74.

10(. שאַנעווען. אָ, די נײַע קליידער. אָ, די שטיוועלעך. בכלל אָ, מלבושים. אָ, די כּלים פֿון טײַערן פֿאַיאַנס.
11. מיט נ י ט. ניט לייגן קיין אַכט. זיך ניט קימערן. ניט אָ, וואָס מען עסט, וואו מע נעכטיקט איבער, ווי מע גייט אָנגעטאָן. „מײַן וואוינונג וואו צו שטעלן האָב איך ניט אָפּגעהיט“, אר, ,אין מיט,.
אָפּהיטן זיך — דפֿוו.   אָ, זיך פֿון סכּנות.
אָ, זיך פֿרן יצר־הרעס. אָ, זיך פֿון שלעכטע מענטשן. זיך אָ, ווי אַ ציטעריקער בן־יחיד בײַ דער מאַמען. “דער גרעסטער מאַן אַפֿילו, אַז ער היט זיך ניט אָפּ פֿון אַ טרונק, טאָר מען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף אים,,, יוסף פּערל, הקדמה צו מגלה טמירין „אַז עס קומט אים אַן עבֿירה צוהאַנדן, איז ער געוואָרנט, ער זאָל זיך אָ', ער זאָל זי ניט טאָן“, חה, בּ, זשיטאָמיר 1848, ז, 225. “דער מענטש... איז ניט אין שטאַנד זיך געהעריק אָ, פֿון מותרות“, אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע תרכ,,ד. „הלכות תּשעהכּאָב האָט זיך אָפּגעהיט מיט אַלע פּרטי־דינים,,, לדבּ, נ,,י 1957, קטז.
־עכ ן.   ־עניש — „פֿאַר צו פֿיל אָ, פֿאַרפּלאָנטערט זיך אים די צונג“, ממוס,

ווינטשפֿ. ״דער סופֿר האָט אים אָנגעשריבן אַן
אָ, פֿאַר שדים״, באַש, פֿאָר, 21 1961 I ־ער

.

(־ין, ־קע) — ״זי איז אַן אָ'ין אַ בעל־הביתטע
... אַן אמתע אשת־חיל״, ייִפֿאָל, 10 l888, No,
ביילאַגע. „די מלבושים האָט ער נאָך געהאַט
פֿון זײַן חתונה... ער איז אַזאַ אָ, אַז זיי זעען
אויס גלײַך ווי זיי זענען ערשט אויפֿגענייט
געוואָרן״, שאָמער'ט וועלט קאלענדאר אויף דעס
יאָהר תּרע״ד, באַרדיטשעוו ־עריי.

אָסהייבונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּהייבן. אָ, פֿון אַן אייבערשטער
שיכט. „לאָזט דעם בר־מינן ליגן אַ פֿערטל שעה.
מאַכט ניט גלײַך די אָ,״. 'תּנופֿה, (ויקרא, ז, 30)
— מלמדשער טײַטש: אָ, [תּי: אויפֿהייבונג].

1768

פּהייבן — טרוו הייב אָפּ, ~געהויבן. [
אויסלייג אָפּט ׳י.,הויבן, נר]. 1. אַראָפּנעמען פֿון
אויבן. אָ, די ביכער פֿון דער אייבערשטער
פּאָליצע. אָ, די פּסחדיקע כּלים פֿון בוידעם. אָ,
דעם שטויב מיט א שמאַטקע. „היב אָפּ די קרון

פֿון מלך צדקיה“, סהמ, יחזקאל כא, 31. „וועסט אַרײַנגיין צום פּאָטשטמײַסטער, וועסט שוין אָ, דאָס היטל“, עט, סערקעלע. „אַז דו וועסט אַהין [צו דער מאַמזעל] קומען בשלום, דאַרפֿסטו כאַלד אָ, די הוט פֿונעם קאָפּ פּאַוואָליע, מיט ישוב־הדעת“, מ. דלוגאטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881, ז, 54. „הייב איך פֿאַר אים אָפּ דאָס היטל און פֿרעג“, פֿרץ 'דער קאַנאָניק'.

2. אַראָפּנעמען, צונעמען אַ טייל. אָ, דאָס דינע זאַמד און איבערלאָזן זשוויר, אָ, נאָר די שוועמלעך. מס פֿאַרטײַטשט 'ולשׂאת את חלקו, (קהלת, ה, 18): „זײַן חלק דערפֿון אָפּצוהייבן„ [תּי „צו נעמען זײַן חלק“].

3. צוגנבֿענען. אָ, פֿון שופֿלאָדל עטלעכע מטבעות. אַרײַנקומען, קיינעם ניט געפֿינען און אָ, די זילבערנע בענטשלײַכטערס.

4. ספּעצ. אַרונטערנעמען די סמעטענע פֿון איבער דער זויערמילך. „ווען די לאַדישקעס שטעלן זיך [— די מילך אין זיי ווערט אײַנגעזײַערט], הייב איך אָפּ די סמעטענע און שלאָג אויס פּוטער“. אָ, די סמעטענע. *אָ, אַ קריגל.
אָ, די סמעטענע — א) האָבן צו טאָן מיט אַ

בתולה; ב) אויפֿעסן דאָס געשמאַקסטע, דאָס
פֿעטסטע און איבערלאָזן פֿאַר אַנדערע דאָס
מאָגערע, דאָס דאַרע. „דעם קרײַז־בודזשעט
באַשטימט מען אין צענטער. ביז ער באַקומט
זיך אין קרײַז, הייבן אָפּ די סמעטענע די
רעגירונגס־באַאַמטע פֿון צענטער... בלײַבט
שוין גאָרנישט פֿון די אַסיגנירונגען“, ס.
ווערינע, אונטער דער באָיאַרישער הערשאַפֿט,
כאַרקאָוו 1930.   אויך: אָ, דאָס פֿעטע (דאָס פֿעטס).
“דאָז שמאַלץ הייכן זיא אב... און, עשׂין עס
מיט בראָט“, בראנט, פּרק נב.
5. אַראָפּהייבן דעם מת, דעם בר־מינן, פֿון
געלעגער און אַוועקלייגן אויף דער ערד, אויפֿן
דיל. „ביציאת נשמות מעכט זײַן זאָלל מן איהם
ליגן לאָזין לכל הפּחות איין רבֿיע שעה ואח“כ
זאָלל מן אב העבין“, 'תקנות פֿון פּראָגער
ח▯רה קדישא', תנ“ב [Bohemia נ▯u(lai▯a].
„שמשים... בײַא אב הייבן צו זײַן... להודיע
לשמשית דח“ק דנשים תּוך שני שעות נאָך אב
הייבן אודות תכריכין“, תּקנות מחברא קדישא
בלונדון שנתחדשו בשנת תּק“ע. „וויא מן
דשׂ (מת) זאָל אב היבן... מן נעמט שטרויא
און, ליגט דשׂ (מת) אַרויף אויף דר ערד און,
איין קיסן ליגט מן אונטר זיין קאָפּף“, ש

פֿראנקפֿורמ, ספֿר החייס, זולצבאַך תּקנ"א, ז/ב.
,,אוי, רבונו־של־עולם, זאָל מען אים שוין אָ'!
— האָט זי זיך צעזונגען", אר, 'דער
פֿאַרבּיטערטער'. "מע האָט אים אַנידערגעלייגט אופֿין
האַרטן דיל, אים אונטערגעלייגט זיבּן צעפֿוילטע
שטרוי און אים פֿונדאָסנײַ צוגעדעקט מיט דער
אַטלעסענער קאַפּאָטע", ייִט, פּוילן ▯ I. ,,שוין

אָפּהײַלן

אָפּגעהויבּן פֿון דער ערד דעם טויטן / און
אומגעדרייט די שפּיגלען אויף די ווענט, / שוין
אָפּגעקלאָגט האָט דער וואָס דאַרף בּאַוויינען, /
די ליכט צוקאָפּנס אַלע אויסגעבּרענט,,, הל,
'נאָך אַלעמען'.

6. אַראָפּנעמען פֿון אויבּן אַ צאָל קאָרטן
נאָכן דורכטאַשן און אַנידערלייגן זיי פֿון אונטן.
אָ, די טאַליע קאָרטן. אָ, דאָס טעשל (פּעשל)
קאָרטן. ,,איך האָבּ שוין דורכגעפּאַשט די
קאָרטן, דו דאַרפֿסט זיי אָ,". ,,נעמט די קאָרטן
און מישט, הייבּט אַליין אָפּ און גיט דער
מאַדאַם פֿאָרהאַנט", קמ, 7 l867, No. ,,האָט
...
דאָס פּעקל קאָרטן אַזוי פֿאַרמישט אַז די דאַמע

זאָל פֿאַר אים אַרויסקומען. יודל האָט אָבער
איין קאָרט אָפּגעהויבן", יצחק משה באַדעך,
צבֿיה פֿון אָדעסאַ, לעמבערג 1905.

־עכ ן. ־עניש. ־ער (ין, ־קע) —
,,ער איז אַן אָ', וואָס עס ליגט ניט גוט —
נעמט ער צו". ,,מע האָט געשיקט נאָך שלמה
דעם אָ, פֿון דער חבֿרה־קדישא", אַש,
טויטאורטייל ־ערײַ.

אָפּהייטלען — טרוו. ־טל אָפּ, ,געהײַטלט.

-

אַראָפּנעמען אַ הײַטל. אַראָפּשינדן די הויט. אָ,
די זשאַבע בײַם פּאַלמעסן אין ביאָלאָגישן
קאַבינעט. מיט ז י ך — זיך באַפֿרײַען פֿון הויט.
,,נאָכדעם ווי די רויפּע וואַקסט אונטער און
הײַטלט זיך אָפּ עטלעכע מאָל, וואַקסן אויס בײַ
איר פֿליגל", דר. איסעל איבז, אָטאָ שמײַל,
זאָאָלאָגיע, ווילנע 1924 ־ונג.

.

אָפּהייך — דער, ־ן. הויכער און משופּעדיקער
ברעג פֿון אַ טײַך אָדער פֿון ים. פֿעלדזיקער אָ'.
,,זיי גייען נאָך אַלץ לענג־אויס דעם ברעג...
בײַנאַנד מיט דעם שאַרף אָפּגעשניטענעם אָ, פֿון
טונקל־גרוילעכער ליים", נאַטאַנ זאַבאַרע, דער
פֿאָטער, לוואָוו 1940 ־ונג.

.

אָפּהייכן — אוטוו. הייך אָפּ, ~געהייכט. נעאָל. אַרויסשטאַרצן פֿון באָדן. זיך אַרויסהייבן העכער ווי דאָס אַרומיקע. ״פֿעלדזן הייכן דאָ אָפּ״. די זעקס־ און זיבן־שטאָקיקע בנינים הייכן אָפּ צווישן די צוויי־ און דריי־עטאַזשיקע אַלטע הײַזער״. אויך מיט ז י ך.

אָפּהייליקן — טרוו. ־יק אָפּ, ~געהייליקט.
1. מאַכן הייליק. „אַ קריסטלעך ייִנגל האָט דערציילט אַז דאָ האָט זיך אים באַוויזן די הייליקע מאַריִע. האָט מען גלײַך אָפּגעהייליקט דאָס אָרט״, רייד (נ״י). 2. מאַכן אויס הייליק. אָ, דער באַבעס זאַבאַבאָנעס. אָ אַזוינס וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עס איז אַ פֿעלשונג. ־דנג.

אָפּהיילן — טרוו. הייל אָפּ, ~געהיילט. 1. אַ לענגערע צײַט היילן. אָ, די געשוואָלענע פֿיס לאַנגע חדשים און נאָך אַלץ ניט קענען אָנטאָן שיך אויף זיי. 2. אַ ביסל, נאָר אויבנאויף אויסהיילן. אָ, די דרויסנדיקע סימנים פֿון דער מחלה. ־ונג. ־עניש.

אָפּהיילן — דזוו אויסהײַלן, ← 224.

אָפּהיימען

אָפּהיימען — טרוו. ־מע אָפּ, ~געהיימעט. פּד.
שטאַרק אָנשלאָגן, אָנבּרעכן די בּיינער.
אָפּהייען — אוטוו. היַיע אָפּ, ,געהיַיעט.
-
פֿטרן צ .ט אויף גאָרנישט. אָ, אַ גאַנצן טאָג
[אַקוזאַטיוו פֿון ציַיט] און ניט קענען זען דעם
מנהל. אויך מיט ז י ך — ,,די דיַיטשן האָבּן
אָנגעהויבּן גראָבּן דעם זאַמד און זיי האָבּן זיך
אָפּגעהיַיעט אַקעגן אַ שעה,,, ר. וו. איבּז, יו.
אַנאָווסקי, ריַיטער, בּאַרדיטשעוו 1937.
י
אפּהייפֿלען — טרוו ־פֿל אָפּ, ..,געהיַיפֿלט.
— .
אַראָפּנעמען היַיפֿלעכוויַיז אָדער הויפֿנוויַיז. אָ,
ניסלעך פֿון זאַק. אָ, ראָזשינקעס.
אפּהיַיפֿלען — טרוו ־פֿל אָפּ, ~געהיַיפֿלט.
. .
1. הייצן אַ לענגערע ציַיט. ,,מע האָט
אָפּגעהייצט די אויוונס חדשים־לאַנג און אַז עס זיַינען
געקומען די אמתע פֿרעסט איז שוין קיין האָלץ

ניט געבליבן". 2. נאָר אַ ביסל הייצן. "די שטוב האָט מען אָפּגעהייצט, אָבער עס איז נאָך אַלץ קאַלט" -ונג.

.

אָפּהילונג — די, -ען. פּראָצעס פֿון אָפּהילן. אויפֿדעקונג. אָ, פֿון דענקמאָל.

אָפּהילך — דער, -ן. אַקט פֿדן אָפּהילכן. אָפּקלאַנג. אָ'ן פֿון ווײַטע דונערן. אָ, פֿון טריט אויף אַ שטיינערדיקן באָדן. אָ, פֿון די העק אין וואַלד. אַן אָ', אַן עכאָ פֿון אַ פֿײַערונג. אַן אָ, פֿון אַן אַוועקגעגאַנגענער עפּאָכע פֿרעמ.

דער אָ, פֿון אַן אומבאַקאַנטער וועלט. „אין די פֿינצטערע נעכט האָט מען געהערט כסדרדיקע שיסערײַען, קולות פֿון געפּײַניקטע, הילף-רופֿן און אָ'ן פֿון מאַשין-געווער", ייִז, דערציילונגען, ז, 27. „דער קלוגער האָט פֿאַרנומען? / אַ גראָז, אַ קינד, אַ רינך? — / אַן אַ, איז געקומען / פֿון וואָלקן מיטן ווינט", מל, 'דער פֿײַפֿער'. „ער הערט דעם אָ', דער שווײַגנדער שמיד, פֿון דונערן-רייד", אַל III, 'דער שמיד'. „און ס'האָט דער ווינט געלאַכט, צעקאַטשענדיק די ביימער. דער ווײַסער רוים פֿון אָ, האָט געפּלאַצט„, פּמ, מלחמה I, ז, 233.

־ונג — ״אַך מײַנע טײַערע! — האָט ער געשריִען. עס האָבן אים דיזע ווערטער צוריק אָפּגעקלונגען פֿון טיפֿן וואַלד, דאָס וואַר אָבער מערניט ווי אַ ווידערהאָל (אָ')״, אמד, איינע רויבער געשיכטע, ווילנע 1864.

אָפּהילכן — הילך אָפּ, ־. געהילכט. אוטוו — זיך אָפּרופֿן, צוריקקלינגען ווי אַן עכאָ, אַ ווידערקול. אָ, ווי טריט אין ליידיקע צימערן. שטראָפּרייד וואָס הילכן אָפּ אין הערצער. דער מאַרש הילכט אָפּ. „דעם ייִדנס געשריי הילכט אָפּ מיט אַ קרעכץ״; „ווי מע שרײַט אין וואַלד — אַזוי הילכט עס אָפּ״, שוו ״דיזן ליד האָט די פֿרוי געזונגען — אַז עס האָט אָפּגעהילכט זייער ווײַט אין וואַלד״, אמד, הנסיון, 1856, ז, 8. ״און זײַן [משה רבינוס] שטים איז געווען אַזוי שטאַרק אַז איבער דער גאַנצער ערד האָט זי אָפּגעהילכט״, יהואָש, 'משה רבינוס טויט'. ״אַרום דורך אַלע צאַמען הילכט אָפּ דאָס שווײַגן פֿון דער וועלט״, נחום יוד, פּאַר, 1963 X 13.

1769

״שומר, מה מלילה? שומר, מה מליל? — שטילע יאָמערקלאַנגען הילכן אָפּ אין הייל״,

ל באָראָוויק, פֿאַש, 1962 X l5. „אין יעדן ליד וואָס וועט זיך לאָזן הערן זאָל אָ, טרעבּלינקעס אַן אַקאָרד“, סעג, איצטער, ז, 33. “דער לעצטער אָמן הילכעט אָפּ בּציבּור“, בּונס העלער, אַ בּוים אין אָוונט, תּל־אָבֿיבֿ 1971, ז, 75.

טרוו — אָפּשפּיגלען, צוריקקלינגען דורך אַן עכאָ. „דער וואַלד הילכט אָפּ די געשרייען פֿון די קרבּנות„. „צי הילכט אונדזער געשיכטע אָפּ די רייד פֿון די נבֿיאים?“. „דער בּאַשיידלעכער וואַלד דער נאַסער הילכט אָפּ די הוקערײַ פֿון די קוקאַווקעס„, מק I, ווילנע 1929.

־עניש. ־ער — אויך אַן אַפּאַראַט.

־ערײַ.

אָפּהילן — טרוו היל אָפּ, ▯, געהילט. אָפּדעקן. אַראָפּנעמען אַ הילע. אָ, דעם דענקמאָל. אָ, און ווײַזן אַלעמען דעם געוואונענעם אויטאָמאָבּיל. אָ, דאָס פֿאַרדעקטע פּנים. אָ, דעם שלייער. אָ, ווערטער און אַנטפּלעקן סודות. „ס'איז צײַט, היל אָפּ דײַן לײַבּ און נידער צום קוואַל זיך טובֿלען“, יפֿ, נפֿילים, ת אָ 1963, ז, 7 ־ונג.

“

.

־עניש.

אָפּהילף1 — די, ־ן. טיילווײַזע, צײַטווײַליקע הילף. ← אָפּהעלפֿן, ב 1. דאַנקען פֿאַר דער אָ',

מע קען דערוויל אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אָפּהימלען — ־מל אָפּ, ⃞ .־,געהימלט. אוטוו — אָפּשטארבן (אומאיידל). ,,דער אַלטער האָט שוין אָפּגעהימלט,,. טרוו — [. אַוועקגנבֿענען, אָפּגנבֿענען. אָ אַ טײַסטער פֿון קעשענע אַרויס.

,

2. אָפּגיסן, אָפּשיטן מיט עפּעס וואָס מאַכט שמוציק. אָ, אַ יאַט מיט סאַזשע, מיט אומריין וואַסער. ־עניש.

אָפּהינ(⃞)ען — אוטוו ־נ(י)ע אָפּ, ~געהינ(י)עט. אַ לענגערע צײַט בלײַבן אויף איין אָרט און גאָרנישט טאָן. פּטרן צײַט אין חלומות אָדער אין פּוסטע פּלאַפּלערײַען. אָ, די טעג אין שענק (קאַפֿע). גאַנצע אָוונטן אָ, אין פּלוידערײַען. ,,זיך אומגעקערט צו זיך אין שטוב... גאַנציקע טעג האָט ער דאָ אָפּגעהיניעט און קיינעם זיך ניט געוויזן אויף די אויגן“, נ קאַבאקאָוו איבז, אַקובֿ קאָלאָס, זומפּ, מינסק 1936. “זיי פֿלעגן

,

דאָ אָ, טעג נאָכאַנאַנד, דערוואַרטנדיק אַ בעלמלאָכה וואָס אָנגעהויבן הוליען כּדי אַלץ פֿון אים צו פֿאַרטרינקען“, ה קאָמענעצקי איבז, גאָרקי, אוימדערווײַלטע דערציילונגען I, מינסק 1938. ,,מירן שוין אונדזער וועלטל אָ, ווי מיר

האָבן אָנגעהויבן“, פה, רויטע פֿעלדער I, ז, 261. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָפּהינקען — אקוזוו הינק אָפּ, ~געהונקען (אויך: ~געהינקט). דערווײַטערן זיך פֿון אַ פּונקט הינקענדיק. אָ, עטלעכע גאַסן פֿון קלוב צו זיך אין קאַנורע. ־עניש.

אָפּהיפּערן — אַקוזוו ־ער אָפּ, ־,געהיפּערט.

-

אָפּשפּרינגען. איבערשפּרינגען. דורכלאָזן אין אַ ריי. . איבערהיפּן, איבערהיפּערן, 922. זאַגן תּהילים אָ'ד ק בײַ יעדן יום אפֿשר אַ

אָפּהעלפֿן

האַלבע שעה. „שטיל אַזוי און ניט זיכער האָט מען אין לאָדן געקלאַפּט, אָפּגעהיפּערט אַלעמאָל אַ נײַע וואַרטנדיקע ווײַלע און ווידעראַמאָל געגעבן עטלעכע... קלעפּ“, בערג, אָפּגאנג, בערלין, ז, 226.

אָפּהיצן זיך — אוטווו היץ זיך אָפּ, זיך ~געהיצט. אויפֿהערן זיך צו היצן. „זיך געהיצט און געשריִען און געוועט גרייט דורס צו זײַן איינער דעם צווייטן, אָבער מע האָט

זיך אָפּגעהיצט און ווידער געשמועסט ווי
פֿרײַנד“.
אָפּהיקען — דזוו אָפּהוקען ←. [אין לד איז
אין אָפּהיקען ניטאָ קיין שום בײזקייט, נאָר
בלויז אומבאַהאָלפֿנקייט]. אויך מיט ז י ך.
־עכ ן. ־עניש.
אָפּהירזשען — אוטוו. ־זשע אָפּ, י.,,געהירזשעט.
1. אַ לענגערע צײַט הילכיק און נאַריש לאַכן.
אָ, אַ גאַנצע שעה. 2. אויפֿהערן הירזשען.
,,גענוג. האָסט שוין אָפּגעהירזשעט?“. אויך
מיט ז י ך. —עניש.
אָפּהכשרן — [... הע'כשערן] אוטוו & טרוו
אַ לענגערע צײַט אַרויסגעבן הכשרים ניט גענוג
אָפּגעהיט. ”די פֿירמעס דינגען זיך רבנימלעך
וואָס הכשרן אַלץ אָפּ“, רייד (נ“י). אָ, אויף אַלץ
.ט אַ לאַנגער רבנישער אונטערשריפֿט.
אָפּהלכענען — [... האַ'לכענען] אַקוזוו הלכע
(הלכן) אָפּ, ~געהלכעט (.־,געהלכנט). 1.
אָפּגיין, דורכגיין (מיט בײַטעם פֿון ביטו). אָ,
לאַנגע מײַלן. 2. אָפּטראָגן זיך. ,,הלכן אָפּ.
מע דאַרף דיך ניט צום מזומן (מנין)“.
אָפּהנאה־האָבן — [... האַנאָע] אוטוו. אומפּ
איצ אָפּהנאה געהאַט. [נעאָל 7 ניט לויט די

פֿורעמס פֿון ייִדישער וואָרטשאַפֿונג. נר] האָכן
מער הנאה ווי פֿריִער. „ייִדן האָבן זיך אַ
שטאַרקן רוק געטאָן צו עולם־הזה... ווי
וועלנדיק אָ'ה, פֿאַר די הונדערטער יאָרן פֿון מאָגערן
לעבן“, י לע ֿ צינסקי, וואוהין גייען מיר7, נ„י
.47 ,ז ,l944
אָפּהעבלעווען — דזוו אָפּהובלע(ווע)ן ←.
אָפּהעלפֿן — אוטוו. העלף אָפּ, ~געהאָלפֿן.
1. אַ ביסל צוהעלפֿן. העלפֿן אויף אַ געוויסער
ציַיט. “איך וועל דיר אָ, מיט אַ גמילות־חסד.
אָבער וואָס איז די פּעולה?“. „געקומען אַהיים
פֿאַרפֿרוירן און פֿאַרהונגערט. האָט מיר
אָפּגעהאָלפֿן דער איַינגעהייצטער אויוון, אָבער קיין
ברעקל ברויט אין שטוב ניט געפֿונען“. „ווער
נון פֿון זולכי (צרות) כיגעגינט... ווירד...
ווי איזט דיזן אב צו העלפֿן?“, ספֿר מבֿחר
הפּנינים, הומבורג תּצ“ט, מג/א. “וואָס דער נדן
באטרעפֿט קען איך איַיך אַ'“, אפּ“ד, דיא
צוריקגעקאָמענע ליעבע, ווילנע l894, ז, 53.
2. אינגאָנצן אַרויסהעלפֿן. ברענגען די אמתע
הילף. „געלט קען ניט אָ, — מע קען ניט
קויפֿן דעם באַשערטן“, שוו. „... די גאַנצע
מעשׂה דעם רבין צו דערציילן און ער וועט
אַוודאי [אין] דעם גאַנצן אינטערעס אָ',„ יפּ,

ז, 187. „איז געבּליבּן אַן עגונה זיצן...
אָזעלכע זאַכן אָפּצוהעלפֿן וואַר בּײַ [אים] גאָר אַ
קלייניקייט, ער פֿלעגט שוין האָבּן דערצו
פֿאַרטיקע קמיעות“, אמד, דיא ליידיגע ווינצונגען,
ווילנע 1868. „זעלטן איז דער שוין געהאָלפֿן
... דורך צדקה... אין דיזעם אומגליקלעכן
אונד שלעכטן צושטאַנד אָפּצוהעלפֿן מוזן
שטאַרקערע מיטל בּאַנוצט ווערן“, וואָרשויער
יודישע צײַטונג, 1 No.1867.
מיט ז י ך — „אַזוי ווי כינין איז אַ טײַער
מיטל, קאָנען אָרעמע קראַנקע זיך אָ, מיט
געלבּע כינאַ רינדי“, איבּז, דער אוצר פֿון
געזו[ד און ל ּ 1בּען, וואַרשע 1908, ז, 26.
־ונג. ־עכ ּן. —עניש. ־ער (־ין,
־קע). —ערײַ.
אָפּהענגונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס פֿון
אָפּהענגען. אָ, בּמשך פֿון אַ גאַנצער נאַכט. 2. דאָס
זײַן אָפּהענגיק. אָפּהענגיקייט. „מע וויל מער
נישט ווי די פֿרײַהייט און ניט אָ, פֿון רוסלאַנד“,
אמד, די אידען אין ווארשויא, ווילנע 1869.
“אָ, פֿון די דערשײַנונגען“, בּרידער גאָרדין, די

טריאומפֿעדיע, ווילנע 1914, ז, 5.
אָפּהענגיק — אדי 1. וואָס איז געווענדט
אָן (אין) אַ צווייטן. „זײַן פֿאָרן זיך לערנען איז
אָ, פֿון טאַטן“. „די פּרנסה איז אָ, פֿון די
שכנות“. ז ײַ ן אָ, פֿון פּרעמדע מענטשן.
מ אַ כ ן די יונגע אָ, פֿון די עלטערע. חנפֿענען
זיך צו די פֿון וועמען מען איז אָ,. „איך בּין
פֿון קיינעם ניט אָ', לעבֿ איך מיר ווי איך וויל“.
״אַ נעבעכל, אַן אָ'ער פֿון אַלץ און אַלעמען“.
״אָ, צו זײַן איז ניט גוט, אַפֿילו ניט פֿון אייגן
בּלוט“, שוו. „אוי, ניט גוט אָנצוקומען צו
פּרעמדע און זײַן אָ, פֿון יענעם„, ממוס,
ווינטשפֿ. „מיט יעדער קלייניקייט האָבּן זיי
געוואָלט אַז איך זאָל זײַן אָ, פֿון זיי„, ספּ,
גליקליכע און אומגליקליכע, ז, 61. „די פּרויען
ווילן שוין ניט זײַן אָ, פֿון שטאַרקן געשלעכט“,
בּלעטער, No 42. „כּבֿיכול אַליין האָט זיך גופֿא
געמאַכט אָ, פֿון אָדם השלם, ווי מיר ווייסן עס
על־פּי קבּלה“, חג, טמז, 1959 III □ י 28.
2. וואָס איז געווענדט אָן (אין) אַ דרויסנדיקן
אומשטאַנד, אין אַ בּאַדינג. „אונדזער שפּאַציר
איז אָ, פֿון וועטער“. „דאָס לעבן פֿון די
פּאַסאַזשירן איז אָ, פֿון דעם צי דער ים וועט
בּלײַבן רואיק“. „די מאָס שאַרפֿקייט אָדער

אינטענסיווקייט פֿון דעם דאָזיקן [גלות]־געפֿיל איז
געווען אָ, פֿון די באַזונדערע סבֿיבֿות און
ציוויליזאַציעס אין וועלכע ייִדן האָבן געלעבט“,
גרינ, איד און וועלט, ז, 330. „די פּריווילעגיעס
פֿאַרלענגערט מען נאָר אין זעלטענע פֿאַלן, אָ,
כּמובֿן פֿון דער גרייס פֿון דער סומע פֿאָר
טאָלעראַנץ־געלט“, ימ, דובֿ II, ז, 183.
3. וואָס איז געווענדס אָן (אין) אַן
אינעווייניקסטן אומשטאַנד, מצבֿ־רוח. אָ, פֿון געזונט,
פֿון די כּוחות. אָ, פֿון די געגנען, די האָרמאָנען
אאזוו אָ, פֿון אינטעלעקטועלער אָדער פֿיזישער
אַרבעט. „קינדער אַנעמיעס זײַנען ניט זעלטן
-

א, פֿון כראָנישע נירן אָנצינדונגען“, טאָז־ידיעות,
-

177()

וואַרשע 25 1928 I X. „די אופֿנים פֿון

פֿאַרווײַלונג... זײַנען... אָ, פֿון געשמאַק, דערציאונג", ש], קריטיק און קריטיקער, בּ"א l959, ז, 198.

4. אומ□רײַ, פּאָליטיש ניט־זעלבּשטענדיק. אָ'ע טעריטאָריעס. דער בּאַשטרעבּ ניט צו זײַן אָ, פֿון דער אימפּעריע. אָ, נאָר אין דער אויסערו־פּאָליטיק. אָ, ווי אַלע קאָלאָניעס.

5. (מאַט) וואָס איז פֿאַרבּונדן אין אַ פֿונקציאָנאַלער שײַכות. אָ'ע גרייס. אָ'ע, בּײַטעוודיקע, פֿאַרענדערלעכע פֿונקציע.

6. (גראמ) וואָס קען ניט זײַן פֿאַר זיך, אָן פֿאַרבּינדונג מיט אַן אַנדער גליד פֿון זאַץ, אָדער פֿון אַן אַנדער זאַץ אין אַ צונויפֿגעזעצטן זאַץ. אַן אַטריבּוט אָדער אַן אַדיעקטיוו זײַנען בּײַגלידער, אָ'ע גלידער פֿון אַ זאַץ. אַ בּײַזאַץ איז אָ, פֿון הויפּטזאַץ אָדער פֿון אַן אַנדער בּײַזאַץ.

אָפּהענגיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ אָדער פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אָפּהענגיק. קאָנדיציאָנעלקייט. בּאַדינגיקייט. סובּאָרדינירטקייט. אָ, פֿון דיקטאַטאָרישער מאַכט. אָ, פֿון בּאַוועגונג, םון דעם פֿאָרשערס פּאָזיציע. „די אָ, פֿון דעם קאַפּיטאַל שאַפֿט ניט אָפּ די קאָנקורענץ צווישן די קליינע און מיטעלע בּעלי־בּתּים", זשיט I□, נ"י l917, ז, 223. „זיי האָבּן פֿאַרבּיטן

איין אָ, מיט אַ צווייטער, געזוכט שוץ בײַ
רוים אַקעגן די סעלעווקידן", קאָר II, ז, 86.
אָפּהענגלעך — אַדי. דזוו אָפּהענגיק, ספּעצ בּבּ
2־3. "פֿון איר געזונט ווערן איז אָ, זײַן
גליק". „פֿון פּרנסה איז אָ, דער שלום־בית".
„דאַס געווינען די פּאַרטיע שאָך איז אָ, פֿון
ענדשפּיל". ־קייט.
אָפּהענגען — הענג אָפּ, געהאַנגען (אויך:
~געהאָנגען. אוטוו — 1. זײַן אָפּהענגיק.
אַ, פֿון יענעמס ווילן. אָ, אין אַלע פּרטים פֿון
אַלטן קאָנטראַקט. אָ, פֿון פּריץ און פֿון זײַנע
קאַפּריזן. אָ, פֿון אויסלאַנד כּל־זמן די טעכניק
איז אַן אָפּגעשטאַנענע. „בּשעת פּוילן... וועט
ניט אָ, פֿון רוסלאַנד, וועט מען אונדז אויך ניט
פֿאַרזען„, אמד, דיא אידען אין וואַרשויא, ווילנע
1869. „היסטאָריע און לשון קענען זײַן דאָס
וואָס זיי בּאַדאַרפֿן זײַן... בּשעת דאָס פֿאָלק
הענגט אָפּ פֿון זיך, פֿון זײַן ווילן", ממוס, ספֿר
הבּהמות „די מאָס פֿון פֿרײַהייט וואָס דער
פּראָלעטאַר אַט וועט בּאַקומען — דאָס אַלץ
י
הענגט אָפּ פֿון אים אַליין", בּ. בּ־קי, וואָס איז
א קאָנסטיטואירענדע פֿערזאמלונג, זשענעוו
1905. „צאָנבּערשטלעך און נאָזטיכלעך געהערן

טאַקע צו דער קולטור, אָבער ניט פֿון זיי
הענגט אָפּ איר גורל", זשיט X, נ"י 1919, ז,
194. „אין וואָסער זין איז די נײַע ליטעראַטור
געווען אָפּגעהאַנגען פֿון דער אַלטער, דער
העברעאישער...", שנ, יוד, שדיֵיבער אין
סאָוו'־רוסלאַנד, נ"י 1958, ז, 170.
2. אַראָפּהענגען. „אויב די אונטערשטע ליפּ
הענגט שטאַרק אָפּ בײַם פֿערד, איז דאָס שוין
אַ סימן אַז ער איז אַן אַלטער", אַגראָנאָם ק.
גוטמאַן, די נויטיקסטע אגדאָנאָמישע יעדיעס

אָפּהעצן

פֿאַר נײַע איבערוואַנדערער, טשערקאַס 1929.
3. הענגען אַ לענגערע צײַט. "מע האָט
אויפֿגעהאַנגען די פֿאָרהאַנגען ערבֿ פּסח און
זיי זײַנען אָפּגעהאַנגען אַזש ביז ראָש־חשנה".
טרוו — אַרונטערנעמען דואָס עס הענגט. אָ,
די פֿאָרהאַנגען.
־עכ ן. ־עניש. —ער — 1. ווער עס
הענגט אָפּ פֿון עמעצן. „זייערע אָ, זײַנען
קאַפּאַבל אָפּצוטאָן כל דבֿר אָסור„, ימ, נ .ס,
קאָוונע 1923. 2. צירונג וואָס מע טראָגט
אויף דער ברוסט, הענגט אַראָפּ פֿון האַלדז.

אָפּהענטיק — אדי. Mhd: abe¯hen▯i▯.
וואָס איז אַזוי ווי מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט,
ווי אָן הענט. וואָס האָט ניט מער קיין מוט,
אונטערנעמערישקייט. וואָס איז פֿאַרצאָגט,
אומטעטיק. ווערן בײַ זיך אָ'. אַן אומזיכערער, אַן
אָ'ער ענטפֿער. ווערן אָ, פֿון צרות. „ווער עס
חזר יענעם אָבער פֿיר קען דעם בעסטן פֿרײַנט
אויך אָ, מאַכן“, מס, משלי „תּקע ד, יז, 9 [תּי:
„צעשיידט גוטע פֿרײַנט“]. „ווערן זיי אָ, אַלס
זיי באַגעגענען אַ לײדיקן עמער... אָדער ווען
זיי דערוויסן שליסעלעך אויף דעם טיש, און
ווען די יום־כּיפּור־ליכט לעשט זיך אויס“, אמד,
דיא גײַסטער געשיכטען, ווילנע 1871, ז, 4.
„ווערט דער צעיושעטער פּערדל (דער חומר)
אָ, און דער שׂכל קומט צו אײַן קרעפּט“, אלפּס,
הערצליכע ליבּע I, ווילנע 1900, ז, 38. „
טעטעריוקער לופּט מאַכט בטבֿע פֿויל, אָ, און
שלעפּעריק“, מטוס, מסעות. „תּחילת איז ער געוואָרן
אַ ביסל ווי מטושטש און אָ'“, שע, 'מעשׂיות
פֿון 1001 נאַכט'. „אין מיטן שטוב בלײַבט ער
שטיין ווי אָ, און נישט היימלעך ווערט אים“,
ווײַס, א שלעטכע פּרוי, וואַרשע 1930, ז, 159.
„איז געוועזן זיכער אַז אַלע לאַכן פֿון אים און
ער איז גאָר אָ, געוואָרן“, ייִז... קארנאָווסקי,

ז, 355.

אָפּהענטיקייט — די (דאָס), ־ן. אייגנשאַפֿט, מצבֿ, פּרט־פֿאַל פֿון זײַן אָפּהענטיק. אַפּאַטיע. שרעקעוודיקייט. פֿאַרצאָגטקייט. מוטלאָזיקייט. אומטעטיקייט. צעפּלאָשעניש. פּאַסיווקייט. זיך אונטערגעבן (אונטערוואַרפֿן) דער אָ'. „אַז מע ראַנגלט זיך מיט אָ, — איז מען שוין ניט אָפּהענטיק". „אין תּוך איז עס נישט געווען קיין מיזאַנטראָפּישקייט — בעל־מחשבֿות איז געווען בטבֿע אַ פֿרײַנדלעכער מענטש, אַ גוטער חבֿר. דאָס איז געווען עצבֿות, אָ'", שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א 1959, ז, 377.

□

אָפּהעסטן — טרוו העפֿט אָפּ, □ געהעפֿט (□ געהאָפֿטן). 1. פֿאַרענדיקן העפֿטן. אָ„ אָפּשטיקן אַ העלפֿט פֿון טישטעכל פֿון שפּיצן. 2. היפּוך פֿון צוהעפֿטן, צובינדן, צוקניפּן.

„דאָס סאַמע האַרץ פֿון שטילקייט אויפֿגעריסן
און אָפּגעהעפּט אויך מײַן צונג פֿונעם גומען
כ'זאָל טאָרן פֿרעגן וואָס איך טאָר ניט וויסן,,,
הל, טמד, 2 1958 II. ־דנג.
אָפּהעצן — טרוו. העצן און אויפֿהערן. אָ,
דעם ווילדן המון. ״ער האָט אָפּגעהעצט זײַנס

אָפּהעצקען

און אַוועק צום ים, וואו ער האָט געפֿראַוועט
וואַסער־ספּאָרט“, איק, 176O No ־עניש.
.
אָפּהעצקען (זיך) — אוטוו ־קע (זיך) אָפּ,
(זיך) ~געהעצקעט. אַ לענגערע צײַט האָצקען
(זיך), האָפּקען (זיך). אָ, זיך אין בויד.
אָפּהעקלען — טרוו ־קל אָפּ, י.,געהעקלט.

1. העקלען אַ לענגערע צײַט און אויפֿהערן.
אָפּשטריקן קראָשע. אָ, טיכעלעך. 2.
אָפּשפּיליען. אַראָפּנעמען, באַפֿרײַען פֿון אַ
העקעלע. ״שמשון נורעט אַרײַן זײַן קאָפּ אין איר
האַלדז, שפּילעט בשעת מעשׂה אויף איר
בלוזקע, העקלט אָפּ איר קלייר“, אָפּא, ראָמאַן

פֿון אַ פֿערד־גנ□, ז, 128. „האָסט זי געגנבֿט... וו אַזוי? — איך האָבּ עס איר אָפּגעהעקלט
י

פֿון דער שובֿע“, באַש, פֿאָר, 1961 □ יI 1. מיט ז י ך — „דער לאַנגער שלעפּער פֿון איר זײַדן קלייד האָט זיך אָפּגעהעקלט“, יחיאל לעדער, מײַן היים, וואַרשע 1937. ־עניש.

אָפּהעקערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געהעקערט.

□

פֿאַרענדיקן אויספֿאַרקויפֿן לאחדים. אָ, דעם גאַנצן ראַמש.

אָפּהערן — טרוו הער אָפּ, ~געהערט. 1. אויסהערן. אויספֿרעגן. ווי מע איז זיך נוהג מיט עדות, מיט פֿרעגענישן און איבערפֿרעגענישן. „דא האָט מן איהם אויף אונטר שידליכה מאהל אבֿ גיהערט אויף דיא ענינים וואשׂ העדים האבֿין מעיד גיוועזין“; „... העט שלא כּהגון גיטאן, ווייל ער צו גילאזין העט החסיד און, עידות שלו העט לאזין אבֿ הערין. עז גבֿירט איהם זאָלכשׂ ניט אליינט צו טאָן“, כּ“י וועגן מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III]. „בכן האָבֿן מיר... די צוויי ליצנים אָפּגעהערט איינם נאָך דעם אַנדערן“, שו“ת חוט השני, פֿפֿדמ 1679,

ז, 239 [הש I]. ,,האב דא זעלבי שולחנת
[=שליחטע] לאשן אב הערן ואר עדים, האָט זיא
מודה גיוועזין“, גה, 356. ,,דער קיניג האָט
געשיקט גאַר באלד דאָס מען זעלט דאָס עדות
אַ',,, משל הקדמוני, אוסטרהא תקנ“ז.

2 פֿאַרהערן. אויסהערן ווי מע הערט אויס
.
צי מע קען. אָ, וואָס מע האָט געלערנט די
גאַנצע וואָך. ,,דער רבי האָט מיך אָפּגעהערט אַ
פֿרשה חומש, נאָר אַנשטאָט מיר אַ קניפּ צו
געבן אין בעקעלע... האָט ער מיר גאָר אַ
פֿרעג געגעבן אַ קלאָץ־קשיא“, ייִפֿאָל, 1881,
No 8.

3. הערן אַ סך, אַ לענגערע צײַט. אָ, אַזוי
פֿיל קאָנצערטן אין לעבן און גאָרנישט
פֿאַרשטיין אין מוזיק. ,,אינטעליגענטע פֿירער
וועלכע מוזן פֿריִער אָ', אָפּשטודירן אום צו
פֿאַרשטיין“, דא, פֿון בערלין ביז סאן פֿראַנציסקאָ,
וואַרשע 1930, ז, 140.

4. פֿאַרענדיקן הערן. אָ, די אַלע געשרייען
און זיך פֿאַרשטאָפּן די אויערן. ,,אויסגעזען
וו אַן ענדיק וואָס האָט שוין אָפּגעהערט די
י
עשׂרה מכות [ד,,ה איבערגעלעבט פסח], נאָר

קיין אַקדמות ניט [ניט דערלעבט ביז שבֿועות]“,
אמד, דער ליטוואַק אין וואָליניען, ווילנע 1870.

1771

5. אויסהאָרכן אַ קראַנקן. אָ, די לונגען און
דאָס האַרץ. אויך מיט ז י ך.
אָפּהער, דער ־ונג ־עניש ־ער.

. ▯ .

־ערײַ.

אָפּהערש(עווע)ן — אוטוו הערש(עווע) אָפּ,
~געהערש(עווע)ט. 1. אַ לענגערע צײַט
הערשן, קאָמאַנדעווען. אָ, איבערן עולם
בידחזקה. 2. אויפֿהערן הערשעווען. „איר האָט
שוין אויף זיי אַזוי אויך גענוג זיך אָנגעשריִען
אין דער אַלטער צײַט, אָפּגעהערשעוועט און
גענוג“, א סטרעליץ איבז, מ. שאָלאָכאָוו,
אופֿגעאקעדטע רויערד, באַרדיטשעוו 1937.

אָפּהעשען — אוטוו ־שע אָפּ, ~געהעשעט.

▯

אַ לענגערע צײַט שווער אָטעמען און אויפֿהערן.
אָ, נאָכן גיין באַרג אַרויף. „האָט זיך געפּילט
-

וו אַן אָפּגעהעשעטע שיף וואַס איז אַנגעקומען
י
אין האַפֿן“, אַש, טויט־אורטייל אויך מיט
ז י ך.

אָפּהסקרן — [... העפֿקערן]. אַקוזוו. הפֿקר
אָפּ, ~געהפֿקערט. דזוו אויסהפֿקרן ., 226.
אָפּהרגענען — [... האַ'רגענען]. טרוו דזוו
אָפּטייטן .. ,,אויבֿ די פּאַרטיי צווינגט
אָנצונעמען געוויסע אמתן מיט געוואַלט, הרגעט
זי אָפּ בײַם מיטגליד די מעגלעכקייט פֿון
קאָנספּיראַציע“, יצחק ראָזענבוים, פּאָליטישע
מעדיצין, וואַרשע 1936.
אָפּהריזשען — דזוו אָפּגריזשען ←. אויך:
,הריזען. ,,די בערן האָכן זיי [די פֿיש]
אַהין באַהאַלטן, אָ'דיק דעם קאָפּ“, א. קוש—
ניראָוו איבֿז, ר. פֿרײַערמאַן, ניקיטשען, מאָסקווע
1934. ,,ווען דאָס וועט דערגיין צו דעם ווײַבֿ,
וועט זי אים אָ, דעם קאָפּ,,, יודל יאַפֿע, פֿרישע

קויכעס, מאָסקווע 1940. ,,האָט דען אַ מויז ניט אָפּגעהריזעט בּ□ אַ לייבּ דעם קאָפּ בּײַם
י
ווײַנענדיקן ניעמאַן אונטער ווערבּעס גרינע?,,, פּמ, מלחמה II, נ"י 1956, ז, 539.

אַפּודזשאַס, ־זשעס, ־זשעץ. אויסרוף בּײַם אַוועקטרײַבּן אַ הונט. <פּויל. פּר. ,,אַז מע האָט אַ טאַטע אַ הונט, זאָגט מען אים (מעג מען אים זאָגן) אַ'", שוו

אָפּו'דעלע — די, ־ס. o□נ.a□.□:on:□□□..
1. סטראַשידלע. אויסגעשטאָפּטע פֿיגור ווי פֿון אַ מענטשן, געשטעלט אויף אַ פֿעלד אָפּצושרעקן די פֿייגל. "האָבּן זיי אָנגעשטאָפּט שטרוי אין אַ שינעל, געמאַכט אַן אָ,, אָנגעטאָן דערויף אַ היטל און אַוועקגעשטעלט לעבּן דער טיר אויף וואַך", איבּז, אי. מיקיטענקאָ, פֿרילינג, קיִעוו l935, ז, 304. 2. געניצט צו בּאַצייכענען עמעצן (ספּעצ אַ קינד) וואָס איז אַזוי שטאַרק אָנגעפֿעלצט אַז ער קען קוים זיך רירן.
אָנגעפּעלצט ווי אַן אָ'. רירן זיך ווי אַן אָ'. "מאַך ניט פֿון קינד אַן אָ'".

אָפּוואָג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּוועגן. "אַ צו האַסטיקער אָ, גיט ניט די פּינקטלעכע וואָג". "דער אָ, האָט געוויזן אַז מיר

האָבן זיך ניט טועה געווען,,.

אָפּוואונדערן זיך

אָפּוואָגלען — אוטוו. ־גל אָפּ, ~געוואָגלט.
1. ענדיקן וואָגלען. מערניט וואָגלען. 2.
וואָגלען אַ לענגערע צײַט. אָ, יאָרן און יאָרן. מיט
ז י ך — ”עפּעס אַ קלייניקייט, זעקס
קײַלעכדיקע חדשים זיך אָ, וועגן אַ דירה“, פּינסקער
שטאָדט־ל וח, ווילנע תרס,,ד. ־עניש.
אָפּוואַגן זיך — אוטוו. דטשמ נר דערוועגן
זיך. ,,ענדלעך האָבן זיך דרײַ פֿון זיי
אָפּגעוואַגט און אַרײַנגעגאַנגען“, אמד, דער גרויסער
רוינבער אלי מיט זעכס פֿינגער, וואַרשע 1864.
,,ענדלעך האָבן זיך דרײַ קרעפּקע סאָלדאַטן
אָפּגעוואויגן[!]“, איינע רויבער געשיכטע,
ווילנע 1864.
אָפּוואַדזגען — טרוו ־גע אָפּ, ~געוואַדזגעט.
פּפּ: ~וואַצקען. אָפּשמירן מיט בלאָטע,
מיט ברוד. אָ, עמעצן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.
־עכץ. ־עניש.

אָפּוואוינען — אוטוו וואוין אָפּ, ־י.,געוואוינט.
1 פֿאַרענדיקן וואוינען. מער ניט וואוינען. אָ,
.
דעם גאַנצן טערמין [אַקוזאַטיוו פֿון צײַט] און

אַרויסקלײַבן זיך. "די ערשטע יאָרן נאָך דער
מחלוקת פֿלעגט נאָר לייב אַמאָל קומען אויף
פּסח אַהיים, אָ, עטלעכע וואָכן", ספּ
2. וואוינען אַ לענגערע צײַט. „אַז מע וואוינט
אָפּ דרײַ יאָר מיט אַ שכן — ווען מ'ציט זיך
אַרויס, טוט דאָך אויך באַנג", פֿל. „מע זאָל אָ,
אָרן אַ טיר לעבן אַ טיר און מע זאָל זיך ניט
י
אײַנעסן איינער דעם אַנדערן אין די ביינער?",
בן־עמי, יוד, פֿאָלקסביבליאָטעק, קיִעוו 1888.
"אַלטער גלויבן, אַלטע האָפֿנונג, / ציט זיך פֿון
מײַן הארץ אַרויס — / אָפּגעוואוינט האָט איר
דאָרט יאָרן, איצט איז אײַער צײַט שוין אויס",
אַר, 'אַלטער גלויבן'.
3. וואוינען בײַ עמעצן פֿאַרן געלט וואָס ער
קומט. „איך האָב אַ ליידיקע דירה און איר
קענט בײַ מיר אָ'. איר וועט אָ, אַ האלב יאָר
און מיר וועלן זײַן קוויט".
4. ניט האָבן מער צו טאָן מיט עמעצן,
אָפּטשעפּען זיך. "איך האָב אים שוין אַלץ
אָפּגעגעבן. זאָל ער איצט אָ, פֿון מיר. איך
וויל מיט אים ניט האָבן קיין עסקים"..
מיט ז י ך — געניצט אויך אַנשטאָט
אָפּגעוואוינען זיך. צום ים דאַרף מען זיך צוגעוואוינען

און קיינמאָל זיך ניט אָ'", סעג, מײַנע זיבן יאָר
אין תּל־אָ י , בּ"א 1949.

אָפּוואונדערן זיך — אוטוו ־ער זיך אָפּ, זיך
~געוואונדערט. אויפֿהערן באַוואונדערן. ניט
קענען זיך אָ, פֿון עפּעס (עמעצן). אָ, זיך
דערפֿון. ניט קענען זיך אָ, איבער איר שיינקייט.
,,האָב איך מיך ניט געקענט גענוג אָ, דאָס אַזוי
איינע... זאָל זײַן אַ ייִדיש קינד", משה אַהרן
גליקמאַן מליקאַווא, בּרכי נפֿשי, וואַרשע 1898.
,,דער גרויסער קענער זעלבסט האָט זיך אויך
ניט געקענט אָ, אויף זײַן שיינעם שפּילן", ר,
שמעלקע דער קלעזמער, וואַרשע תּרע"א, ז, 4.
זן אויך אָן ז י ך , אַקוזוו אָ, זײַנע מעלות,
איר שיינקייט אאזוו

אָפּוואונטשעווען

אָפּוואונטשעווען — אוטוו ־טשעווע אָפּ,

~געוואונטשעוועט. דזוו אָפּווינטשעווען.
אָפּווינטשן. אַנווינטשן. ,,נאָכן דאַוונען איינער דעם
אַנדערן אָפּגעוואונטשעוועט אַ כּרייטלעכן
גוטיום־טובֿ", ד י. זילבערבּוש, שטרעכאלעך...,
ווין 1916, ז, 135.

אָפּוואוקס — דער, ־ן. דאָס וואָס וואַקסט אָפּ, וואַקסט אַרויס (זײַטיק און שטאַרצט אַרויס). אַן אָ, פֿון אַ צווײַג(עלע). אַ געוויקס מיט אַלע אָ'ן. „אָ'ן פֿרן ווילדע ווײַנטרויב־בּיימלעך“, איבּז, וול. לידין, שטילער אָדער גרויסער, מינסק □193.

אָפּוואָז(י)ען זיך — אוטוו ־ז(י)ע זיך אָפּ, זיך ~געוואָז(י)עט. פּפֿ. □וואַזשען זיך. על.

אַ . וורר. B<. :ז: □כֿ: □ □: □il□] □ □Ba: □ □: □1□1□: □ לענגערע צײַט זיך אָפּגעבּן מיט עפּעס (עמעצן). זיך ניאַנטשען. אָ, זיך מיטן גערטנדל. אָ, זיך מיטן אַלטיטשקן. ־עניש.

אָפּוואַזשען — טרוו ־זשע אָפּ, ~געוואַזשעט.

□

□y□a□י: □<. סל פּר□ אָפּוועגן.

אָפּוואַטירן — טרוו ־טיר אָפּ, ~(גע)וואַטירט. אַרײַנלייגן, אַרײַנטאָן אַ סך וואַטע. אָ אַ טולופּל.

,

אָ, אויך די אַרבּל. ־דנג.

אָפּוואָיעווען — אוטוו ־יעווע אָפּ, ~ געוואָיעוועט. 1. פֿאַראַרבּעטן מעשׂים און אויפֿהערן. אָ, בּיז מע פֿאַרלירט די כּוחות. 2. אַ לענגערע צײַט וראָיעווען. אָ, פֿון אינדערפֿרי בּיז שפּעט

בײַנאַכט. "האָב איך... אָפּגעוואָיעוועט...
ממש איבערגעקערט די וועלט", ייִל, דאָס
פּויל◻שע יונגעל, אַדעס 1895. 3. אַקוזוו עפּעס
דורכפֿירן מיט גרויס טומל, מיט רעש, געשרײַען
אע אָ אַ חתונה, א שׂמחה. אָ אַ קערמעשל.
◻ ◻

4. טרוו. אויסקעמפֿן, אויספֿירן. אָפּראַטעוועןמיט געשרייען. „[די מאַמע האָט] אויסגעגלעט
... דאָס לעצטע רעשטל פֿון די פּאהלעך וואָס
זי האָט קוים אָפּגעוואָיעוועט בײַ איר זון", שע,
פֿונ'ם יאַריד. 5. רוסיצ ענדיקן פֿירן מלחמה.
„אָפֿגעוואָיעוועט שוין... האָכּן זיי איצט
פֿאַרגעסן אַז מע דאַרף געבּן עסן„, סיראָטינער
איבּז, פּעטקע דער אַדמיראַל, מינסק 1931.
מיט ז י ך — זיך פֿאַרטיידיקן. אָפּשלאָגן אַן
אָנפֿאַל.
אָפּוואָיען — אוטוו ־יע אָפּ, ~געוואָיעט.
1. פֿאַרערנדיקן וואָיען. 2. אַ לענגערע צײַט
וואָיען. 3. בּכלל אַרויסגעבּן קלאַנגען פֿון
ווייטיק אָדער בּרומען ווי אַ חיה. „פֿלעג ער
[דער משוגענער] אַזוי אָ, אויפֿן בּריקל בײַם
גאַניק, ווי בײַ די בּוינעס", פּמ, דאָר אויס, דאָך
אײַן, כאַרקאָוו 1929. ~ וואָי, דער. —עניש.
אָפּוואַכיק — אדי נסאָל וואָס מע קען

(דאַרף) אָפֿוואַכן, אָפּהיטן. אַן אָ'ע פֿאָזיציע.
־יקייט.
אָפּוואַכן — טרוו & אוטרו וואַך אָפּ, ~
געוואַכט. 1. פֿאַרענדיקן שטיין (זײַן) אויף דער
וואַך אָדער וואַכן אויף אַ פּאָזיציע אַ לענגערע
צײַט. אָ, בֿיז אַזייגער זעקס אינדערפֿרי. 2.
אויפ

1772

פּאַסן אויף אַ קראַנקן. אָ, דעם חולה. אָ, איבער
די קראַנקע אין שפּיטאָל־קאַמער. ־ונג.
אָפּוואָכערן — אוטוו ־ער אָפּ, ~געוואָכערט.
זײַן אַ וואָכערניק, אַ פּראָצענטניק אַ לענגערע
צײַט. "איך האָבּ אָפּגעוואָכערט צוויי יאָר", עוזך
בּלאָשטיין, דער כּהן, ווילנע 1896.
אָפּוואָלאָוואָדיען זיך — אוטוו. ־דיע זיך
< : :Bo.נ oBo.] ־ .וואָלאָוואָדיעט, זיך אָפּ
נע rנI., סל. פֿטרן איבעריקע צײַט אויף עמעצן.
נ אַנטשען זיך אומזיסט־אומנישט מיט עמעצן.
י
,,אָפּגעוואָלאָוואָדיעט זיך מיט אים אַ גאַנצע
שעה", נ הייקין, ייִד, קולטור, נ"י 7 1962, No.

אָפּוואָלאָטשען זיך — אוטוו ־טשע זיך אָפּ,

.

זיך ~געוואָלאָטשעט. e נ] יo נ.Bo:)<.
אַרומשלעפּן זיך אַ געוויסע צײַט. אַרומדרייען זיך פֿוסט־און־פּאַס. אָ, זיך פֿון שטעטל אין שטעטל איבערן גאַנצן געגנט. „ס'איז מיר איבערדריסיק געוואָרן אָ, זיך און וואַרטן אויפֿן פֿריזיוו, בין איך אַוועק קיין אַמעריקע“.
—עניש.

אָפּוואַלגער — דער, ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּוואַלגערן (זיך) אין דעם אומניציקן אָ'. 2. אָפּרײַס פֿון א באַרג, פֿון אַ גרויסער קופּע. אָ, פֿון זאַמד. „זיי פֿלעגן באַגראָבן ווערן אונטער די שטיינער פֿון די אָ'ן“, ר. קאָמיק איבז, סטאַך גאַנעצקי & אַריק פֿאָליאַקאָוו. מיר אָפּן פּאמיר, מאָסקווע 1933.

־ונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אַראָפּוואַלגערן (זיך). 2. דזוו אַראָפּוואַלגער, ב שניי אָ'ען. „.... קלאַבגען. זיי

-

זײַנען געוועין ענלעך צום קראַכן פֿון ווײַטע באַרג אָ'ען“, איבז, ק פּאַוסטאָווסקי, דאָס

-

.

שטערנבילד פֿון די יאָג־הינט, מאָסקווע 1938.

אָפּוואַלגעדן — טרוו. ־ער אָפּ, ~געוואַלגערט.
פּפֿ. ~וועלגערן. 1. אויפֿהערן דין, פֿלאַך
מאַכן מיט אַ וואַלגערהאָלץ. אָ אַ בלאַט לאָקשן.
,
2. וואַלגערן אַ לענגערע צײַט. אָ, טייג אין
בעקערײַ.
3. אָפּמאַנגלען וועש. אָ, די גאַנצע
פּשעמיוועקע.
4. אַוועקנעמען און אַראָפּקײַקלען. אָ אַ
,
שטיין פֿון דער קופּע שטיינער. „האָט ער אַ
ציגל אָפּגעוואַלגערט און אַרויסגענומען אַ
קעסטעלע פֿון אונטערן ציגל“, ד. פֿעלדמאַן איבז,
י. באַבעל, דערציילונגען, כאַרקאָוו 1925.
5. פֿיג אײַנקוועטשן, צעקוועטשן (ווי טייג).
“געכאַפּט האָט דער בער אַ קלאָץ — און אַ
וואַלגער אָפּ ד אַפּאַנער“, פֿמ [דאָס געזאַנג
י י
פֿון די פֿעלקער, זב, מאָטקווע 1939, ז, 91].
אָפּוואַלגערן זיך — ← דפֿוו. 1. זײַן אַ
לענגערע צײַט אָן אַ היים און לעבן אין
שלעכטע באדינגונגען. אָפּקומען. אָ, זיך אין
תּפֿיסות. “האָט ער יאָרן אָפּגעשמאַכט אויף
קאַטאָרגע, אָפּגעוואַלגערט זיך אין סיביר“,

מייט גילדין, פֿליגל, קיִעוו 1939.

2. לעבּן אין דער פֿרעמד אַ לענגערע צײַט.

אָפּוואַנדערן

אָ, זיך אין ישיבֿות. „געוואָלט מאַכן די קינדער פֿאַר לומדים און האָבּן זיי געהאַלטן... אין ישיבֿות, אין בתי־מדרשים, וואו זיי האָבּן זיך אָפּגעוואַלגערט יאָרן“, בּלעטער, No 16. „דער ראָש־ישיבֿה איז דאָך אַ ייִד אַ צדיק, ווי דערלאָזט ער עס אַז יונגעלײַט זאָלן זיך דאָ אָ, אָן די ווײַבּער חדשים־לאַנג?“, אָפּאַ, „אַ שאלה'.

3. אָפּליגן אַ לענגערע צײַט אָן נוצן. אָ, זיך אין אַ ווינקעלע, אין שפּײַכלער, אין וואַרשטאַט, אאזוו „בּײַ [אים] קען זיך אָ, דער אַקער חדשימווײַז ניט קיין פֿאַרריכטער„, עליע שעכטמאן, אָפֿן שיידוועג, כאַרקאָוו 1930.

4. זיך אַרומדרייען אָדער אויך ליגן אָן אַרבּעט. אָ, זיך איבּער די גאַסן. אָ, זיך אויף דער קאַנאַפּקע. „פֿלעגן זיך דאָרטן אונדזערע מענטשן אָ, זיך אַ בּיסל אין פֿעלד“, נ קאבּאקאָוו, איבּז פֿון ווײַסרוסיש, קוזמאַ טשאַרני, היימלאַנד, מינסק 1932.

5. אָפּקײַקלען זיך. „האָט זיך דער הימל

צעשפּאָלטן אויף צוויי. איין זײַט האָט זיך
אָפּגעוואַלגערט ווי אַ שוואַרצער באַרג", נ.
לוריע, בריקן ברענען, כאַרקאָוו 1929. ־עניש.
אָפּוואָלונטירן — אוטוו ־טיר אָפּ, ~
וואָלונטירט. ניט קענען (ווערן) מער צ טאָן עפּעס
ווי א וואָלונטיר, אָן שום שׂכר. „שוין
אָפּוואָלונטירט, גענוג געהאָרעוועט וו אַן אייזל,
י
אונדזער פּאָרזיצער זאָל אַרײַנקריגן נאָך כּבֿוד".
אויף מיט ז י ך. ־ונג.
אָפּוואַל אַיען זיך — אוטוו. איצ אימפּ נבּ,
י
ן ך ~געוואַליאַיעט. רוסיצ. אָפּוואַלגערן זיך.
אַרומשלעפּן זיך. אָ, זיך אין (איבער) שענקען.
אָפּוואַל(י)ען — טרוו ־ל(י)ע אָפּ, י־,
געוואל(י)עט. אַראָפּוואַרפֿן. אַראָפּקײַקלען.
אַראָפּרײַסן. אָ, בּינטלעך היי פֿון בּוידעם. אָ, צווײַגן
פֿון בּוים. אָפּט מיט ז י ך — „ציגל וואַליען
זיך אַפּ פֿון דער צעבּראַכענער וואַנט". „אַ
שטיקל ליים פֿון קוימען האָט זיך אָפּגעוואַלעט
אדן... דער רויך האָט ניט געקענט אַרויס",
בן עמי, די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה, אַדעס
1893. „פֿון איר פּנים האָט אַנגעהויבּן זיך אָ,

שטיקערווייַן שטוקאַטורקע", ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע

אָפּוואַלצן — טרוו. וואַלץ אָפּ, ~געוואַלצט. פֿאַרענדיקן אַרבעטן מיט וואַלצן. אָ, היימישע שטאָפֿן ־ונג ־עניש.

. .

אָפּוואַלקעווען — טרוו ־קעווע אָפּ, י'
געוואַל.

קעוועט. a נ .1 .< :] a. דזוו אָפּוואַלצן.

2. אָפּהאַקן, דערפֿירן צו אַ טײַך און אַראָפּלאָזן אין וואַסער (צו מאַכן פֿליטן). אָ, ביימער. אָ, קלעצער.

אָפּוואַנדערן — אוטוו. ־ער אָפּ, ~געוואַנדערט.
1 פֿאַרענדיקן וואַנדערן. 2. אַ לענגערע צײַט

.

וואַנדערן איבער פֿאַרשיידענע ערטער,
אַרומוואָגלען. אָ, איבער גאַנץ דרום אַמעריקע. .3

-

אַוועקוואַנדערן. אַוועקוואָגלען. ,,אַך גאָט, זעלין מיר דען פֿון אונזרה קהילה הקדושה אַזו אָב

אָפּוואָנכען

וואַנדרן", הבחור זעקלי בן כהר,,ר ליברמן

סג״ל, איין נײַא קלאָג ליד פֿון חורבן ק״ק
וורמיישא, אמשׂט 1723 [פֿש III]. ־ונג.

אָפּוואָנכען — טרוו. ־כע אָפּ, □געוואָנכעט.
1. שמעקן, ניוכען עפּעס וואָס האָט אַ שלעכטן
ריח. אָ, וואָס יענער האָט אָנגעשטונקען.
2. בכלל אָפּניוכען. „דער הונט ווערט אָ, דעם
וועג וואו די צויג איז דורכגעלאָפֿן״. מיט
ז י ך — קזוו זיך אָ, ווי כּלבֿים. ־עניש.

אָפּוואָפֿענען — טרוו. וואָפֿן אָפּ, ~געוואָפֿנט.
אַנטוואָפֿענען. אַוועקנעמען פֿון עמעצן זײַן
וואָפֿן. אָ, דעם איבערפֿאַלער. אינגאַנצן אָ, דאָס
כּאַזיגטע לאַנד. מיט ז י ך — רעפֿל אָדער
קזוו. ־ונג.

אָפּוואַצקען — טרוו ־קע אָפּ, □...,געוואַצקעט.
פּפּ. □רואַדזגען (←). 1. אָפּבּרודיקן.
אָפּשמירן מיט בלאָטע□ 2. אָפּזידלען. אַזוי אָ,
אַז מע זאָל ניט קענען דעם קאָפּ אויפֿהייבן, מע
זאָל ניט וו□סן וואו זיך אַהינצוטאָן, מע זאָ□I
פֿאַרלירן ס'לשון. אָ, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס —
מיט ביידע בּבֿ. מיט ז י ך — קזוו אָדער
רעפֿל ־עכ□ן. ־עניש.

אָפּוואַקלען זיך — אוסוו ־קל זיך אָפּ, זיך

.

~געוואַקלט. זיך וואַקלען א לענגערע צײַט און אויפֿהערן. אָ, זיך און אָננעמען א פֿעסטן באַשלוס ־עניש.

.

אָפּוואַקסן — וואַקס אָפּ, האָב און אויך ב י ן
געוואַקסן (~געוואָקסן). 1. אויטוו צוריק אויסיואַקסן (פֿון זיך, אָן שום טרחה) וואָס מע האָט אָפּגעשניטן, אָפּגעהאַקט, אָפּגעזעגט אע. "די אָפּגעזעגטע צווײַגן וועלן אָ'". "נעגל און האָר וואַקסן אָפּ, אָבער ניט קיין פֿינגער,,, שוו. ,,קלאָג ניט אויף דעם וואָס קען אָ,", שוו [אַזוי טרייסט מען אויך עמעצן וואָס פֿאַרלירט געלט אין אַ געשעפֿט]. ,,זײַנען איר די האָר אָפּגעוואַקסן אין טרוקענע, שוואַרצע, משונהדיקע גרויזן", זש, נח פּאנדרע ,,מיר זײַנען געמלט, איר ניט. בײַ אונדז קען שוין ניט אָ, צוריק, אָבער איר זיך מאַלן קענט", [לויט סנהדרין לט/א], חיים ליבערמאַן, זב די שטימע פֿון טאָל, נ"י 1940. אויך מיט ז י ך.
2. אַקוזוו בכיוון לאָזן אָ,. לאָזן אָ, אַ באָרד. ,,פּאות האָט זי זיך ביסלעכווײַז געלאָזט אָ,,,, א"ם, גרונעלע דיא רעבעצין, ווילנע 1874.
־ונג — ,,פֿון דער דינער קישקע ציט זיך

די... בלינדע אָ''", אַרהם משה ראשין, אַ גוטע עצה ווי צו לעבן און געזונד זײַן, אַדעס, יאָר? ז, 16.

אָפּוואַקסן — טרוו וואַקס אָפּ, ~געוואַקסט. פּפֿ ~וועקסן. אָפּרײַבן מיט וואַקס. אָ, די דילן.

אָפּוואַקעווען זיך — אוטוו ־קעווע זיך אָפּ, זיך ~געוואַקעוועט. פּר דזוו אָפּוואַקלען זיך.

אָפּוו(אָ)ראָזשען — טרוו ־זשע אָפּ, ~ גע.

וו(אָ)ראָזשעט. סל. אָפּכּישופֿן. אָפּטאָן ווי אַ כּישוף־מאַכער. „ער האָט זי אָפּגעוואָראָזשעט, פֿאָרט זי, די נאַרישע קאַטשקע, אַוועק מיט אים".

1.773

אָפּוואַרגן — טרוו וואַרג אָפּ, ~געוואָרגן. פּפֿ: „..וערגן. 1. אָפּדרייען דעם האַלדז פֿון אַן עוף וואָס מע ברענגט פֿאַר אַ קרבן. „ומלק את ראשו [ויקרא, א, 15], ותרגום 'וימלוק ית רישיה, — בלשון אַשכּנז אב וואַרגן" [תּי: „און אָפּקנײַפּן זײַן קאָפּ„], אָבֿ, ספֿר מתורגמן,

איזנע ש״א, פּ/א. [וואַרגן איז אייגנטלעך
צונויפֿקוועטשן בײַ דער קעל, אָבער דאָס וואָרט
מלק האָט אין ייִדיש אָנגענומען אַן אַנדער
באַטײַט ווײַל לויטן דין טאָר מען ניט
דערשטיקן קיין עוף]. „איין עוף דער צו קרבּן
ווערט געבּראַכט, זאָל דר כּהן... מיט זײַני
נעגל פֿון הינטן דאש גניק אבּווירגן“, מדזזור
שלש רגלים, אמשט 1713, רלג/בּ.
2. דזוו דערווערגן. אָ, אַ צאָל קעצעלעך.
־עניש.

אָסוואַרט — דער, ־ן. אַקט פֿון אָפּוואַרטן.
אַ לענגערער אָ'. אַן אומגעדולדיקער אָ'. „
בּלוטיקט אַלץ די ערד אין אָ, פֿון פֿאַרטאָג“, רובֿ,
א ־ ־, פֿסח תשכ„א. ־ונג — די, ־ען. פּראָצעס
פֿון אָפּוואַרטן. ”פֿאַרגאַפֿט אַזוי, מיט אָ'ונג
עס אָטעמט די גאַליאָרקע“, רובֿ, איק, ר״ה
תּשי״ח.

אָפּוואַרטן — טרוו וואַרט אָפּ, ~געוואַרט.
1. וואַרטן אויף עמעצנס אָנקומען (וואָס מע
האָט אָפּגערעדט זיך צו טרעפֿן מיט אים).
„וואַרט מיך אָפּ דאָרטן... און איך וועל שוין
אומגעזאַמט אויך אָנקומען„, לאל, ווילנע 1887,
ז, 45. „ער וואָלט אָפּגעוואַרט גיטעלען וואָס
דאַרף, מוז אומבּאַדינגט באַלד אַרויסקומען“,

ווײַס II, 'דער איבערגאַנג', ז, 79. ,,ער וואַרט מיט זיין פֿערד מיך שוין אָפּ‘‘, סעג, איצטער, ז, 198. ,,האָט מיך געטראָפֿן אויף די שטיגן, מיר דאַכט זיך, זי האָט מיך אַפֿילו אומישנע אָפּגעוואַרט,,, מאָל, פֿון לובלין ביז ניו אָרק,
־י

ז, 22. ‘‘עס האָבן אָפּגעוואַרט אין אונטערערד די פֿרײַנד‘‘, פּמ, מלחמה I, נ‘‘י 1956, ז, 254.

2. וואַרטן אויפֿן אָנקומען מקבל פּנים צו זײַן. אַרויס אָ, דעם רבין. אָ, דעם העלדס אָנקום. ,,אָ, אַ חתן צי אַ כלה איז די שׂמחה געווען גרויס‘‘, יק ,,גוטע מלאָכים שוועבן אַרום, אָ'דיק דעם גבֿיר מיט זײַנע קינדער בײַם אַרויסגיין פֿון שול,,, ממוס, שלמה. ,,אָפּגעוואַרט א נײַעם וועלן־עסקאַדראָן... מײַנע פֿלינקע וואַסער־געסט‘‘, יהואָש, 'באַרג און אָקעאַן,, 1907.

3. זיך גרייטן אָנצופֿאַלן. לויערן. ,,ער האָט זי פֿאַרן טויער אָפּגעוואַרט און האָט זי מיט אַ מעסער דערשט▯כן,,, פֿל. ‘‘כ'האָב אַ קעצל אין מײַן צימער... זי וואַרט אָפּ א מויז בײַם וואַנט,,, סעג, לירישע לידער, קיִעוו 1919, ז, 36.

4. אקוזוו. באַגעגענען אַן אָנקומענדיקן

פֿאַרקער־מיטל. „די שטעטלשע מיידלעך פּוצן זיך אויס און גייען אָ, די באַן“. „זיך אַנידערגעשטעלט אויפֿן פּאָסטוועג אָפּצוּוואַרטן אַ פֿור“, אמד, דער סיום התורה, ווילנע 1868. „אַ המון מענטשן איז געקומען אָ, די שיף“, באש, גי וּפּל תמ, נ״י 3 19, ז, 310.

אָפּוואַרטן

5. אַקווזו זיך גרייטן צו אַ באַשטימט געשעעניש. אַ, דעם נצחון. אָ, עמעצנס חתונה. אָ, די געלעגנהייט אַרײַנצוקומען צו זיי. “מיר אַלי מאָלט גימיינט האָבין אים דאָז ענד אָפּ צו וואַרטין“, גה, ז, 167. „מחנות לאַפּיטוטן ודארטן אָפּ זײַן טויט“, באש, 'דער ייִד פֿון בבֿל,.

6. דערוואַרטן. זיך ריכטן אויף אַ באַשטימט רעאַגירן. אָ, דעם (קעגנ)אָנגריף. אָ, דעם ענטפֿער [שע. „אָ, אויף ענטפֿער“, סאָוו, הײמלאַנד, 2 1961, No]. „איך וואַרט אָפּ אײַער זיסן אַנטוואָרט“, לאל, ווילנע 1887, ז, 44. „אָפּגעוואַרט דאָס ווען ער וועט אָנהייבן בלאָזן און וואַרפֿן דעם שופֿר, זאָל איך קענען...“, י. ל. שפּירא, דער אידישער גײַסט, מונקאַטש 1932. „

אַרבעטן און אָ, דאָס שטיקל דאַרע ברויט“, סעג, איצטער, ז, 27. “וואָס וואַרט דיך אָפּ אין דײַן צוקונפֿט?„, ש. צימערמאַן איבּז, ענג ותּקוה, לובּלין תּרס“ב.

7. אקוזוו, אויך אוטוו וואַרטן בּיז עס קומט אַ געוויסע דאַטע, בּיז עס גייט אַוועק אַ געוויסער טערמין. אָ, דעם יום־טובֿ & אָ, בּ י ז ן יום־טובֿ. אָ, די בּאַשטימטע מינוט. אָ, דעם קאַיאָר, די געבּורט פֿון טאָג. „יעקבֿ... זאָל ערשט דיא ערשטי חתונה וואָך אָבּ וואַרטן“, ספֿר המנהגים, אָמע)ט 1723, נח/בּ. “האָט אויך נישט אָפּגעוואַרט די נײַנציק טעג, ווי דער דין איז“, בּאש, דער ▯טן אין גאָרײַ. „אָפּגעוואַרט אַ שעת־הכּושר, אַ גוטע מינוט, אַז דער רבּי זאָל אים אויפֿנעמען„, אַש, תּהילים־ייִד.

8. אקוזוו. אויך אוטוו. אָפּציִען, אָפּלייגן. איבּערוואַרטן. אָ, זײַן קומען & אָ, בּ י ז ער וועט קומען. אָ, די בּאַשלוסן פֿון דער קאָנפֿערענץ אויף צו בּאַשטימען.... „ער וועט מ י ט זײַן שרייַבּן אָ'“, שנ, קריטיק און קריסיקער, בּ“א 1959, ז, 86.

9. וואַרטן אַ לענגערע צײַט. אָ אַ גאַנצע
,
שעה [אַקוזאַטיוו פֿון צײַט]. „וואַרטן שמנה

שנה אַז ער זאָל צו כּ"ק [=כּשר קהל] קומען ... דאָס ערסט קרבּני, מקדם מוס וואָל אָבּוואַרטען", 'תּקנות פֿון פּראָגער חבֿרה קדישא', תּנ"ב [Bohemia נ□ו□ai□a]. ,,איך האָבּ דאָרט אָפּגעוואַרטעט מער אַלס איינע האלבּע שטונדע", אמד, דאָס קינד איי וואַלד, ווילנע תּרל"ו. ,,מע קאָן אַזוי אָ, אַן אָנדערהאַלבּן מעתּ־לעת אויך", אי. קיפּניס, סאָוו, היימלאַנד, 6 1968' No.

,,פֿאַלט צו די נאַכט, טראַכט מען... מע וועט בּלייַבּן שטיין און אָ, בּ י ז טאָג", פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן.

1O. (אין קאָרטנשפּיל) פּאַסן, איבּערוואַרטן צו הערן וואָס דער צווייטער צד וועט מעלדן. ,,איך וואַרט אָפּ, איך פּאַס,,.

11. ארכ משמש זײַן. בּאַדינען. טאָן דאָס נייטיקע לטובֿת עמעצן אָדער עפּעס. ,,אַבֿרהם אָבֿינו... ער האָט זיא [די אורחים] אַליינט אָפּ גיוואַרט, וועו גלײַך אַז ער האָט גמיינט זיא זענן (ערבֿיים)", עח, עבֿ/ד. ,,ער זײַני עסקים אַך קן דר בּײַא אָבּ וואַרטן אונ קן תּורה... לערנן", לט1, סבּ/א.

אָפּוואָרטען

12. אָפּהיטן; דורכפֿירן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, כּדבעי. "וועלכר איין למדן איז מוז זײַן תּורה אָכ וואַרטן", שה, אמשט 1723, לט/ד. ,,האָב איך ניט אָב גוואַרט דיא קדושה פֿון הש"י אונ, וויא זאָל איך מײַן פּנים קענין אויף היבן..", ר, אַריה ליב בר, יהודא מכונה זעליגמן... תּיקוני מועדיט, פֿיורדא תּפ"ט. "דר מענש זאָל... זײַנן דינשׂט אָב וואַרטן קאַן", עפּש, דרך הישר לעולם הבא, פֿפֿדמ, תּמ,,ה? יב/ב.

אָ'דיק — אדי ,,שטייט אַקעגן איר אַ ביסל אַן אָ'דיקער, אַ צעטומלטער,,, י אָקרוטני, א בויס אין וויוט, לאָוזש 1948.

־עכ ן. —עניש — ,,אַז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ שווער אָ, געדריקט די לופֿט", ק בראָקער איבז, רענע מאַראַן, באַטואַלאַ, וואַרשע 1929 ־ער (־ין, קע).

.

אָפּוואָרטען — טרוו ־טע אָפּ, ־,געוואָרטעט. באַפֿרײַען פֿון וואָרצלען, דערנער, ווילדגראָז. אָ אַ פֿעלד.

אָפּוואַרטער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ס.
1. ווער עס וואַרט אָפּ. דער אָ, בײַ דער
באַןסטאַנציע. דער לעצטער, דער אָ, אין דער
רשימה קאַנדידאַטן. 2. צוזעער. אויפֿפּאַסער
אין אַ שפּיטאָל. ־ערײַ.
אָסוואַרטערין — די, ־ס. 1.
קראַנקנשוועסטער. 2. וואַרטערין. אויפֿפּאַסערקע אויף
קראַנקע, צוזעערין.
אָפּוואַרטעריש — אדי וואָס איז אין אַ
סיטואַציע פֿון אָפּוואַרטן. וואָס איז מסוגל
אָפּצו וארטן. אין אַן אָ'ער אומאַנטשלאָסנקייט.
,,אַלץ אין מײַך לעבן איז געוואָרן צײַטווײַליק,
אָ'', באש, פֿאָר, 9 X 1964 ־קייט.

.

אָפּוואָרטשען — אוטוו. ־טשע אָפּ, .־,
געוואָרטשעט. אָפּבורטשען. פֿאַרענדיקן אָדער אַ
לענגערע צײַט וואָרטשען. אָ, מיט אַ פּראָטעסט.
אָ, ברוגזערהייט. "דער סוף וועט זײַן אַז איך
וועל אויפֿהערן קאָכן. — האָסט שוין
אָפּגעוואָרטשעט?... טאָ גיב עסן,,, ש ברעגמאַן,
נ אָמקע שוואַרץ, קיִעוו 1935. אויך מיט
ו

ז י ך. ־עניש.
אָפּוואַרעמען — טרוו. ־עם אָפּ, ~געוואַרעמט.
1. מאַכן ווידער וואַרעם. אָ, די יויך. אָ, דעם קאַלט־געוואָרענעם מאָלצײַט. אָ, די אָפּגעקילטע פֿרײַנדשאַפֿט.
2. אָנוואַרעמען וואָס איז פֿאַרפֿרוירן. „געזען דעם שלאַנג... באַלד גאַנץ פֿאַרפֿראָרן... האָט אים אין בּ ו ז ן אַרײַנגענומען אים...
אָפּצוּוואַרעמען“, ל אָנדאר, בריפֿנשטעלער, ווילנע
י
1844, ז, 46. „מע האָט געזעצט דעם שוללערער נעכן אויוון אָ, פֿון קעלט“, י. ג מונק איבּז, מסתּרי פּאַריז, וואַרשע l865. „מיט פֿײַערדיקע אויגן וואָס וואַרן נאָך אים שטאַנדע אָפּצוּוואַרעמען אַן אַײַז־קאַלט הערץ„, אמד, די אורחים פֿון דוראַצעסאָק, ווילנע 1872.
מיט ז י ך — „זיך אַ ביסעלע אָ, בײַם

1774

פֿײַער“, יוס▯ דער יתוט, נעתּק ע„י רי“א מ“ס, וו▯לנע 1865. ־ונג.
אָפּוואָר(ע)נען — טרוו דזוו וואָר(ע)נען, נאָר

עמפּאַטישער.

אָפּוואַר — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּוואַרפֿן. אָפּזאָג. אָפּשלאָג. באַזײַטיקונג. דאָס מבֿטל זײַן. „די מענטשלעכע אָ'ן דאַרפֿן זיך ניט געפֿינען נאָענט פֿון וואוינונג“, דר, י. פֿײַגענבערג, פֿגעז, ווילנע 1 1924, No. "אַרויסוואַרפֿן פֿון זאַוואָד ווי דעם אָ', ווי דעם שלאַק פֿון וואַגראַנקע“, פֿײַוול סיטאָ, דערציילונגען, כאַרקאָוו 1930. „איז שאַפֿונג פֿאַרבונדן מיט אויסקלײַב און אָ'“, צײַט, טמז, 10 1963 X. "האָבן די אײַנגעפֿלאַנצטע פּאַנקרעאַס זיך גוט צוגע אַסט און האָבן ניט אַרויסגעדויזן קיין אָ'“, דר, י גלען, פֿאָר, 28 1968 I.
אָ'־ אָ ר ט.

אָסוואָר — דער, ־ן. אָפּפֿאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט [~ וואור נר]. „דאָס מיין איך אײַך, שיכורים, פּרעסער, אָ, נבֿזהדיקער“, נ לוריע איבז, מ. גאָרקי, א מענטש בא לײַטנ, קיִעוו 1935.

אָפּוואַרסן — טרוו וואַרף אָפּ, ~געוואָרפֿן.
1. אַראָפּוואַרפֿן פֿון אויבן אויף אונטן. אָ, שטיינער פֿון באַרג. אָ, האָלץ פֿון וועגלע.
,,בשלכת — דז אין דער צײַט דז זי וואַרפֿן אב די בלעטר,,, סהמ, ישעיה, ו, 13. ,,
אָפּגעוואָרפֿן די זעקלעך מעל‘‘, בערג, באם דניעפּער I, 'עמעס', ז, 358. ‘‘פֿלינק פֿאַרשלאָסן דאָס פֿולע פּאַקעטל און אָפּגעוואָרפֿן עס אין קאַסטן אונטערן טיש‘‘, יודל יאָפֿע, פֿרישע קויכעס, מאָסקווע 1940.
2. אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך. אויסטאָן. אָ, די קליידער און אַרײַנשפּרינגען אין טײַך. ,,דען קינדר הוט די הויבליך אונטר דען קין צו גיבונדן, דז זי ניט האבן קיינן אב וואורפֿן‘‘, בראַנט, פּרק מג. ,,ער שטונד אויף פֿון זײַן שטול אונ, ווערפֿט אב זײַן קרון‘‘, מחזור ר,,ה ויו‘‘כ, הומבורג 1721, רכא/ב. ,,ווערף אב דײַן פֿנציר פֿון דיר,,, וסיפֿון, פֿיורדא 1764, נב/ב.
,,די גרינע ווערעם... ווערן מיט דער צײַט אײַנגעוויקלט אין שפּינעכץ... דערנאָך וואַרפֿן זיי פֿון זיך דיזע ווינדעלעך אָפּ,,, אמד, דער שדכן, ווילנע 1874.

3. באַוואַרפֿן. אָ, עמעצן מיט בלאָטע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אָ, מיט תּשעה־באָבֿ־שישקעס.
4. אַוועקוואַרפֿן. בײַם לויפֿן אָ, דאָס געווער. „שנײַט אָפּ דען בום... אונ, וורפֿט אב זײַני צווײַגן“, סהמ, דניאל, ג, 44 [די פּסוקים זײַנען טעותדיק נומערירט. אין תּי — 3, 11], לובלין שפּ״ו. ״זא בלד דער קירביז דיא בליד [=בליט] אָפּ ווערפֿין טוט, זא קענט מן אין אוב ער וויל ווערדין ביז אָדר גוט“, צוכט. „געמאַכט [= דורכגעלאָפֿן] דרײַ גאַסן, אַלץ געמוזט אָ, [דאָס געגנבֿעטע] פֿון זיך„, בימקאָ, גנ￼יס, וואַרשע 1919, ז, 37. *אָ, (אַ) ס ל י ע ד = פֿאַרווישן סימנים פֿון פֿוסטריט.

-

אָפּוואַרפֿן

5. וואַרפֿן אין אַ זײַט. ״די פֿערד זײַנען אַרײַן אין קילן וואַלד... און אָפּגעוואָרפֿן מיט קאָפֿעטעס שטיקער ווייכע ערד מיט מאָך“, אָפּא, אַליין, ז, 118. „אויטאָס קומען אַלע ווײַלע און וואַרפֿן אָפּ הויפֿנס שטיינער און מיסט און ערד„, ב דעמבלין, 'וועסט סייד', זאמלביכער II, נ״י 1937, ז, 72. ￼געבראַכט מיט זיך לאָפּעטעס

און אַלע האָבן זיך אַ נעם געטאָן אָ, דעם שניי",,,
מ. קאַבריאַנסקי, סאָוו, היימלאַנד, 1 1963' No.
,,פֿון דאָרטן האָט דאָס ליכט אָפּגעוואָרפֿן אַ
שוואַכע, בלאַסע שײַן,,, דר, ה זאָלאָטאַראָוו,
גש I, נ"י 1924, ז, 142.

6. אויסשיידן פֿון קערפּער. אָ, ליחות. לײַדן
סון שלשול און כּסדר גיין אָ'. אָ, איכּעריקע
שטאָפֿן בײַם שוויצן. "[ד אַמעבע]... שפּײַזט
י

זיך... וואַרפֿט אָפּ צואה, זי לעבט", ש בלוס,
דער בויס פֿון לעבן, נ"י 1931, ז, 22. ווײַסל
(א יווײַס) וואָס ווערט אָפּגעוואָרפֿן ניט אין אַ
דירעקטער פֿאָרעם, נאָר... אין פֿאָרעם פֿון
אַזאָט... דער שטיקשטאָף געפֿינט זיך אינעם
אורין, אינעם שטולגאַנג", פֿגעז, ווילנע 1924,
.No 8

7. געבערן (וועגן באַשעפֿענישן. וועגן מענטשן
— גראָב). אָ, אַ ברוין לאָשיקל. אָ, דעם ממזר.
,,גענומען טאַפֿן דעם בויך און אָנטאַפּן דאָס
קעלבל. — הער אויף, זי קען אָ'", ע גאָרדאָן,
איוגול באָיאַר, מאָסקווע 1935.

8. מפּיל זײַן. אויך: אַבאָרטירן. אורמ, 19,
פֿאַרטײַטשט ,לא שכלו': ,,האָבן ניכט
אָפּגעדוואָרפֿן" [תּי: "פֿאַרוואָרפֿן"]. "דעם איגומענס

שיקסע האַט זיך דאָ אַזוי איבערגעשראָקן אַן זי האָט... אָפּגעוואָרפֿן“, אבג, דעקטוף, וואַרשע 1876, ז, 53. „הער זיך אויף נאַריש מאַכן... וועסט דען ניט וועלן אָ,? דאָס איז נאָר דעם ערשטן מאָל סטראַשנע“, איבז, ק. גאָרבונאָוו, דאָס איז גייט, קיִעוו 193.
9. זיך באַפֿרייען פֿון עפּעס וואָס דריקט (עמאָציאָנעל, פּאָליטיש, סאָציאַל). אָ, קנעכטשאַפֿט, די טיראַנישע מאַכט, די הערשאַפֿט פֿון פֿרעמדע אע. אָ, דעם יאָך פֿון התחייבֿותן.
„דער דוכּס פֿון זאַקסין... האָט זיך אב גיריסן פֿון די רומיים אונ, איר יאָך פֿון איהנן אָכּ גיוואָרפֿין“, ר, זלמן הענא איבז, ר, דוד גאַנז, צמח דוד, פֿפֿדמ תנ„ח. „בייא מיר פֿר בליבן איז דעם שווערן לאַשׂט פֿון מיר אָב צו ווערפֿן אונ, דשׂ ספֿר שטין צו לאָזן“, חה, אַמ ט 1716, ז/ב.
„ביז עס איז נגמר בדעתו גיוועזין... אָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך די שווערע משׂא פֿון זיינע זינד“, דיא גן עדן בחוריט, וואַרשע 1885.
„יעדער זיין משׂא וויל אָ, גערן, דעם פּרעס פֿון געמיט“, יחיאל לערער, מיין הייס.
10). אַראָפּזעצן. אַראָפּוואַרפֿן פֿון אַמט. „די בונטאָווטשיקעס ווילן אָ, ניקאָלייקען“. „מע פֿלעגט פּאַר געלט קויפֿן די העכסטע אַמטן און

אָ אַפֿילו אַ כהן־גדול״. „איזט מלך גיוועזין צו
,

זעכצעהן יאָר... און, זײַן צווייא ברידר...
האבּין איהן וועלין אָבּ וואַרפֿין״, ר, זלמן הענא
איבּז, ר, דוד גאַנז, צמח דוד, פֿפֿדמ תנ„ח.

אָפּוואַרפֿן זיך

״מענכי מלאָכים וואָשׂ מן זיא אָפּ וואַרפֿט פֿון
אירי גדולה״, עח, כד/א. ״ער איז געוועזן אין
באַגדאַד אַ גאָבּערנער. דער קאַדי האָט זיך
אַבּער מיט אים צעקריגט און האָט אים בײַ דעם
מלך געמסרט. דרום איז ער אָפּגעוואָרפֿן
געוואָרן״, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839.
„נאָך דעם יאָר וועלן זיי אים אָ, פֿון צו זײַן
אַ פֿאַרוואַלטער״, חה, 269. „הרבֿ בע״ש...
האָט ער געהערט אַ כרוז אין הימל אַז ער
דאַרף אָ, דעם שוחט„, ספֿר ש חי בעש„ט,
זשאָלקעוו תר„י.
11. אַנולירן. ניט אָננעמען (מיט אַ מערהייט
שטימען). אָ, אַ געזעץ־פּראָיעקט אין אַ קאָמיסיע
פֿון פּאַרלאַמענט. אָ, דעם אַלטן געזעץ וועגן

גטן זיך. ,,אַ קאַמף דורך אָ, די מיליטאַריסטישע
בּודזשעטן,,, זשיט II , נ,,י 1917, ז, 181.
12. זיך ניט רעכענען מיט עפּעס. ניט נעמען
אין בּאַטראַכט. אָ, דאָס אומגינסטיקע. אָ,
אוממאָטיווירטע מיינונגען. אָ, השערות,
בּוידסבָרות. אָ, דעם פֿריִערדיקן פּלאַן. אָ אַן
אָנ,

גענומענע טעאָריע. אָ, אַ היפּאָטעז און
אַרויסשטעלן אַן אַנדערע. ,,וואַרפֿט ער אָפּ די עצה
פֿון די טרײַסטע לײַט — פֿון צוריקטריט פֿון
דערוויַליקן,,, אַל III, 'יהודה המכּבּים טויט,.
,,יסודות קען מען ניט דעבּאַטירן — אָדער מע
נעמט זיי אָן אָדער מע וואַרפֿט זיי אָפּ,,, הר
ר ד. סאָ אָווייטשיק, 'דרשה,, אַטלאַנטיק־סיטי

תשכ,,ב. ,,די ענדגילטיקע צוגרייטונג צו אונדזער
גאולה — דורך ענדגילטיק אָ, די פֿאַרשיידענע
עבֿודה־זרות פֿון אונדזער צײַט", ליובּאוויטשער
רבּי, ציטירט טמז 24 1967 I. ,,אָ, דאָס וואָס
איז אילוזאָריש און אָפּמערקן דאָס וואָס איז
רעאַל און אמתדיק", דווקא, 60 No.
13. אָפּלייקענען. פּראָטעסטירן קעגן עפּעס.

אָ אַ חשד, אַ באַשולדיקונג, אַ בייזוויליקע
,
אויסטראַכטעניש. אָ, די רכילותן וואָס מע
פֿאַרשפּרייט. „וואַרפֿט אָפּ אַלע בלבּולים און שקרים
וואָס פּרעה און זײַנע חרטומים רעדן אויס,,,
ש ביקל, טמז, 13 X 1967.
14. באַזײַטיקן עמעצן אָדער עפּעס. אָ, דעם
גאַנצן אָפּפֿאַל. אָ, די איבעריקע אָנגעשטעלטע.
אָ, די וואָס באַרעכטיקן ניט דעם צוטרוי. אָ,
דעם באַנוץ פֿון אַ דײַטשמעריש וואָרט. „די
נייטיקייט אָפּצוּוואַרפֿן די דעטאַלן כּדי זיך צו
דערקלײַכן צום עצם [פֿון דער טעאָריע]“,
גוטנ, ז, 3. “די שפּראַך האָט... אָפּגעוואָרפֿן
דאָס וואַס איז איר געווען פֿרעמד,,, מ.
ליטוואקאַוו, אין אומרו II, מאָסקווע 1926. “איז
פֿאָרגעשטעלט א וואַגראנקע אין לענגשניט...
די פֿעדערשטע טייל אינגאַנצן אָפּגעוואָרפֿן“,
סאכארני איבז, ל. פֿרומין, וואָס דאַרף מען
וויסן וועגן   א וואגראנקע, כאַרקאָוו 1932,
ז, .
15. אָפּזאָגן. בטל מאַכן. מבֿטל זײַן. אָ אַ
,
בקשה. אָ, אַן אָנבאָט, אַ פֿאָרלייג. אָ, אַן אָפּמאַך,
אַ פּראָיעקט. „דיא וואָשׂ בצרכי־ציבור ערנצט

זײַן... זאָלשׂט ניט זיא אָפּ צו וואַרפֿין לאָזן פֿר
העצין“, עיון, נג/בּ. „ער — ווי ער קוקט אויף

1775

זיי מיטן בליק וואַרפֿט ער זיי אָפּ, — ער וויל
קי□ן שלום נישט“, פּרץ, ,וואָס אין פֿידעלע
שטעקט'. „אָפּגעוואָרפֿן דעם... [שלום־]אָנבּאָט“,
נ. סווערדלין, טמן, 17 1965 XI.

16. דערוויַיטערן. “דער רבּי וואַרפֿט אָפּ זײַנע
מקורבֿים. „ישׂראל דיא דא וואַרן אבּ גוואָרפֿן
פֿון בּית־המקדש מיט דײַנס ליכט„, מחזור שלש
רגליס, אמ□ט 1713, קמבּ/בּ. “אַל תּשליכנו
מלפֿניך זאָלסט ניט אָ, אונדז פֿון דיר,
רבּונושל־עולם„, ממוס, שלמה

17. אָפּשפּיגלען, רעפֿלעקטירן (וועגן
שטראַלן). ווײַסער מירמלשטיין וואָס וואַרפֿט אַפּ
שטראַלן. אויך וועגן קלאַנג־כוואַליעס. „די
דאָזיקע כוואַליעס דערגרייכן צום אויער־מושל,
ווערן זיי אָפּגעוואָרפֿן פֿון דעם מושל“, ט.
בּערלס, מענטש מאָשין, קיִעוו 1927, ז, 106.

18. אַראָפּלאָזן פֿון אַ וואָגן. צופֿירן צו אַ
בּאַשטימט אָרט און לאָזן אַראָפּגיין. אָ, די
פּאַרשוינען פֿון בּויד. “וואו וועט איר זיך

אַשטייגער, כּדומה־למשל, מײַנע ליבע ווײַבער, הייסן אָ', שע, ט״יה.

19. (שנײַדעריש) (אָפּטרענען און) צונייען נידעריקער. אָ, אַ לײַסטל, אַ זוים.

2O. אַוועקוואַרפֿן אַ קלאַנג אָדער קלאַנגען פֿון סוף וואָרט אָדער פֿון מיטן וואָרט (סינקאָפּירן): אַנשטאָט מאַשינע — מאַשין, אַנשטאָט פּראָבלעמע — פּראָבלעם; אַנשטאָט אינסצעניזירן — אינסצענירן.

21. (קאָרטנשפּיל) מאַכן אַזוי (אַוועקוואַרפֿן) אַז אַ קאָרט (אָדער קאָרטן) זאָלן ניט נעמען קיין אָנטייל אין שפּיל אָדער ניט אַריבערנעמען. ,,זי האָט נעבעך איין־און־איינציקן קעניג טרומף. וואָס טוט מען? אָ, — איז אַן עבֿירה, שפּילן — האָט זי מורא,,, שע, פֿון פּסח ביז פּסח, נ״י 1937, ז, 200.

אָפּוואַרפֿן זיך — ← דפֿוו. 1. אָפּקערן זיך. אַוועקדרייען זיך. ניט ווען מער האָבן צו טאָן. אָ, זיך מיט ביטול (עקל). אָ, זיך מיט הענט און (מיט) פֿיס פֿ ו ן עמעצן אָדער פֿון עפּעס. אָ, זיך פֿון אַן אונטערנעמונג. אָ, זיך מיט טיפֿער חרטה. תּי פֿאַרטײַטשט 'ושמטתּה וּבֿך מנחלתך, (ירמיה, יז, 4): ,,און ווען זיך אָ, פֿון זיך אַליין פֿון דײַן נחלה". ,,ער האָט זיך

פֿון שותּפֿות אָפּגעוואָרפֿן״, קלמן סובּיל, דער דאָקטאָר מיט זײַן טאָכטער, לובּלין 1894.
״דאָס ייִנגל אונדזערס... וואַרפֿט זיך אָפּ פֿון עסן און האָט עפּעס קאָפּווייטיק״, צ□י הירשקאַן, צוויי וועלטן, בּערלין 1923.

2. זיך צעקריגן. ווערן ווידערשפּעניק. „דוכּס היינריך... דער זיך אָבּ גיוואָרפֿין האָט מיט דעם קיסר אונ, איהם צו ווידרן גיוועזין„, ר, זלמן הענא איבּז, ר, דוד גאַנז, צמח דוד, פֿפֿדמ תּנ״ח.

3. ניט אָננעמען. אָפּזאָגן זיך. אָ, זיך פֿון אַ מתּנה. אָ, זיך פֿון געבּן איס די האַנמ. „וואַרף דיך אָפּ פֿון פּרנס־חודששאַפֿט... גענוג געוועזן פֿרנס־חודש״, יא, 'דער ערשטער אידישער

אָפּוואַשן

רעקרוט, [אויסגאַבּע l931, ז, 156]. „האָבּ איך אים געראַטן אַז ער זאָל שווערן אום ער זאָל זיך ניט אָ, פֿון די געלט״, י. בּודזאָהן, אַ גיטראייע וו□־בּיל חלעבּין, ווילנע 1892, ז, 38.

4 פֿאַרלייקענען. ניט אָנערקענען מער.
אָפּ.
טרייסלען זיך. אָ, זיך פֿון אַ צוזאָג, פֿון אַחריות.

אָ, זיך אַפֿילו פֿון אַ שבֿועה. אָ, זיך פֿון שטיצן
די קרובֿים. אָ, זיך פֿון אָמאָליקע רייד,
מיינונגען. „בײַ כאַשיען איז געווען אַ פֿאַרשטערטער
שבת. זי האָט זיך לכתּחילה געוואָלט אָ, פֿון
טשאָלנט, נאָר דערמיט האָט זי נאָך ערגער
געמאַכט“, אר, „די שפּראַך פֿון וועלכער מיר
קענען זיך אָ, ווען מיר ווילן“, ייִבל X, 4.
־ונג. ־עכץ ־ „וואָס הייסט, זאָגן זיי,
אָפּוואַרפֿן? [. בּ18 וואָס איז פֿאַר אַן
אָפּוואַרפֿעכץ?“, שע, טבֿיה ־עניש. ־ער
(־ין, —קע) — „דער ראַדיקאַלסטער אָ'ער פֿון
דער נײַ־הויכדײַטשער השפּעה אין ייִדיש איז
ש. בּירנבּוים“, מ שעכטער, ייִשפּ XXII, 2.
־ערײַ.
אָפּוואָרקען — ־קע אָפּ, ~געוואָרקעט. אוטוו
— אויפֿהערן אָדער אַ לענגערע צײַט וואָרקען.
טרוו — אויסדריקן צערטלעכקייט, ליבשאַפֿט
אע. אָ': טײַבעלע, זיסעלע, ליבעלע.... אויך
מיט ז י ך. ־עניש.
אָפּוואַשבּאַר — אדי דײַטשמ נר וואָס מע
קען אָפּוואַשן. אָ'ע פֿלעקן.
אָפּוואַשיק — אדי נעאָל. וואָס מע קען
אָפּוואַשן. אָ'ע פֿלעקן —יקייט.

.

אָפּוואַשן — טרוו. וואַש אָפּ, ־.ּ,געוואַשן. [פֿרגל: ~וועשן]. 1. וואַשן און מאַכן ריין דעם קערפּער אָדער אַ טייל פֿון קערפּער. אָ, דאָס אײַנגעריכטע פּנים. אָ, אַ בר־מינן () =מטהר זײַן. ,,וואַש דיר אָפּ דײַנע צוויי ווײַסע הענט און דריק זיי פֿעסט צו מײַן האַרצן צו", פֿל. "אָ, קען מען נאָר דעם גוף, (אָבער) ניט די נשמה,,, שוו. ,,זיך אַך מכין זין [צו שבת], מיט זויבר אב וועשין הענט אונ, פֿיס אונ, פּנים מיט שין וואַרים וואַשיר,,, ר, אַריה ליב בר, יהודא מכונה זעליגמן, תּיקוני מועדים, פֿיורדא תּפּ"ט. ,,(רחצתי את רגלי) אַז איך האָב שוין אָפּגעוואַשן מײַנע פֿיס", איבּז הר א. ל. בראנדעס, ספֿר ע)יח ספֿונים, אַס 1843, ז, 41. ,,איידער מע י

גיט די ברוסט פֿון די זויגערקע גוט ריין מאַכן די הענט, אָ, די אָפֿלען...", דר, ג. ריטער, דער ארומגאנג און די פֿלעגע פֿון זויגקינד, וואַרשע 1926. ,,וואו עס שטייט 'רחיצה, מיינט עס אַפֿצףוואַשן דעם קערפּער פֿון שמוץ", פּאָר, 11 1964 I. ,,די מלאָכה צו באַלזאַמירן...

נאָכדעם פֿלעגן זיי אָ, דעם גוף אין אַ לויג‘‘,
אמד, מסע מצרים, ווילנא תּרכ„ד.
2. ריין מאַכן אַ זאַך מיט וואַסער און
(אָדער) אַנדערע רייניקונג־מיטלען. אָ, דעם טיש.
אָ, די בענקלעך. אָ, די גרינסן פֿאַרן צוגרייטן
דעם סאַלאַט. „זאָ באַלד די קעכין דיא ביזעלטי
פֿיש אבּ גוועשין... ‘‘, מקאות הצו□אות,
וואַנדזבעק תּע‘‘ח. „איין טעם דשׂ מן דשׂ

אָפּוואַשן זיך

וואַשׂיר אויז גישׂט וואו איין בר מינן איז...
דער מלאך המות וועשט זײַן מעסר אין זעלביגן
וואַשׂיר אב‘‘, יורה חסאים, פֿיורדא תּקנ‘‘א.
„ווען מן גיבאַקן האָט [מצה] אונ, מן וויל
ווידר כאקן, מוז מן די וועלגר העלצר וואָל
מיט קאַלט וואַשׂר אָ, אונ, אַבטריקנן‘‘, דרך
חיים, זשאָלקעוו, תּפּ‘‘ג?. „עטלעכע טעג פֿאַר
געוואַשן די פּאָדלאָגע (פּאָל)„, איש יהודי, יִ   אָ
פֿאָל,
פּסח האָט מען גוט אויסגערידלעוועט און

אָפּ1885, No 11. „קלײַבט אויס קליינע קאַרטאָפֿל,
וואַשט גוט אָפּ, גיסט אָן...‘‘, מיש ולאָוו,

וועגעט, קאָך־בוד, נ״י 1926, ז, □ 9.

3. אראָפּוואַשן עפּעס. אָ, פֿלעקן. אָ, זאַלץ פֿון פֿלייש. אָ, דעם שטויב און די בלאָטע. ,,עס איז מיט קיין צען וואַסערן ניט אָפּצופּוואַשן,,, פֿוול ,,לאַנגזאַם אָפּגעוואַשן פֿון געזיכט די אָבֿל־פֿארבן“, יהואָש, הײַאַוואַטאַ. ,,די גימנאַזיע מיט דער פּ אַנאַ האַבן זיך איר

י

אַוועקגעלייגט אויף די ווײַסע הענט מיט אַזאַ עקשנות אַז קיין פֿאַמעשאַף וועט דאָס שוין ניט אַ׳“, ב דעמבלין, צוויי און אַ דריטער, נ״י 1943, ז, 10. ,,וואַשט אָפּ כאָטש פֿון זיך דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט“, הל, א בלאט אויף אַן עפּלבויס

4. אַראָפּטראָגן מיטן וואַסער. אַוועקשווענקען. “טײַכן גייען אַרויס פֿון די ברעגעס... וואַשן אָ□ די פֿרוכטבאַרע ערד“, בלעטער, No 12. “דאָס זאַמד ווערט אָפּגעוואַשן און עס בלײַבן אפּשר שטיקעלעך־ברעקעלעך גאָלד“. מלל פֿאַרטײַטשט 'הדיחני, (ירמיה, נא, 34) ,,אָפּגיוואַשין“ [תּי ,,אַוועקגעשווענקט“].

5. ניצן וואַסער לויטן דין. מטהר זײַן. ,,אַ מצווה וואָס פֿיל לײַט מוזן טאָן, דהײַנו אַ מת אָפּצוּוואַשן“, ספֿר חסידים, ווילנע תקע״ט. “מן

זאָל דשׂ פֿלייש וואול אָפּ וואַשן און, בגיסן..."

עפּש, דרך הישר לעולם הבא, שקלאָוו תּקנ"ו,

סא/כ. „בריכה הצאן אודר שאָף טײַך, ווײַל

אַלי שאָף און אַלי בהמות וועלכי מן זאָלטי צו

,

קרבּן ברענגן דא אבּ גיוואַשן וואַרן", ר,

אַלכּסנדר עטהויזן, בּית י tראל ו ית הבּחירה,

אוביבאַך תע„ט. קללה אָ, זאָל מען דיך שוין

.

מיט טהרה־וואַסער.

6. אָפּכּלייכן. מאַכן בּלאסער אַ קאָליר מיט

וואַסער אָדער אַן אַנדער פֿליסיקייט. אָ, דאָס

בּלויע.

7 פֿאַרוואַשן. אָפּמעקן דאָס אָנגעשריבּענע

.

דורך וואַשן. אָ, דעם פּאַרמעט. אָ, אַ גאַנצע אָ

מגילה.

8. פֿיג אָפּריייניקן. אָפּוואַשן אין גײַסטיקן

זינען. אָ, דאָס אומרעכט פֿון די הענט. אָ, א

שׂנאה און קנאה. „איין גרוישׂירי שנד מויכט דר

א

פֿון קומן דז ערשׂ אַל זײַן טאָג ניט קוינט אבּ □
וואושׂין“, בּראנט, פּרק כח. „אונזרי מיסטויט
זאָלשׂט אבּ וועשן“, [סידור] תּפֿלה למשה...
דעסוי 1696, שנג/א. „מיט וואשׂ זאָלן מיר
דען אבּ שווענקן אונ, אבּ וועשן דאשׂ אונזויבּר־ אָ
קײט אונזרשׂ לאשׂטר אונ, מיסטאַט“, מחזור
ר“ה ויו“כּ, הומכּורג 1721, רו/א. „ליבּער גאָט,

1776

ני□ג דײַן בּארעמהערציקײט אויף מיר... און
אדיף מײַן מאַן און קינדער און וועש אָפּ
אוגדזעדע עבֿירות בּרחמיך הרכּים“, שערי
דמײַות תּחינה, בּרעסלע תּר“י, ז, 16. “ווי די
זינד זאָל זײַן נישט שווער, אָ, דועט תּמיד קענען
זי דער מאַמעס רײנע טרער“, דא, געזאַמלטע
שריפֿטן I, וואַרשע □)192, ז, 148.
פּוואַשן זיך — דפֿוו.   זיך ניט קענען אָ,
מיט קײן זיבּן (צען) וואַסערן, פֿוול. „אַ נאַר
גײט אין בּאָד אַרײַן און פֿאַרגעסט זיך דאָס
פֿנים אָפּצוּוואַשן“; „פֿון יידישע רײַך קען מען
זיך ניט אָ, מיט צען וואַסערן“, שוו. „אײן דור

דז זיך פֿר ריין האַלט אין זײַן אויגן אונ, האָט
זיך פֿון זײַן צ▯אה [תּי: קויט] ניט אָפּגעוואַשן“,
חה, אמ▯ט 1716, צה/בֿ [איבֿערזעצונג פֿון
משלי, ל, 12]. „גם די שנײַדערס וואָס קילן
אָפּ דאָס אײַזן און די בֿעקערס וואָס וואַשן זיך
אָפּ די הענט אין וואַסער — טאָר מען זיך שוין
מיט דעם וואַסער ניט וואַשן“, ספֿר שלחן ערוך,
ח״בֿ, ג/בֿ [אָנהייבֿ 19. י„ה]. „די ווײַבֿער זאָלן
זיך אָ, און שיינע קליידער אָנטאָן פֿאַר
ליכטבֿענטשן. אָבֿער ווען איינע קומט שפּעט אַהיים
פֿון גאַס, זאָל זי פֿריִער ליכט־בֿענטשן און
דערנאָך זיך אָ, און שיין אָנטאָן, חא, נה/בֿ.
„וויבֿאַלד איר וועט וועלן מאַכן קעגן מיר אָ
פּראָצעס, וועל איך מיך אָ, פֿון אַלע מײַנע
פֿאַרפֿליכטונגען קעגן אײַך“, קמ, 36 1870, No.
“מע זאָל חס־וחלילה בײַ איר ניט זײַן, קאָן מען
זיך שוין פֿון איר ניט אָ, מיט צען וואַסערן“,
דער יוד, פֿאַר פּסח, וואַרשע 1881, ז, 163.
„דער אָפּצוג דאַרף זײַן אַזוי: זי זאָל זיך אָ,
דעם אָרט און אַרום דעם אָרט... און נעמען
... נאָר אַ ווייך טיכל... זי זאָל אַכטונג געבֿן
עס זאָל זײַן גאַנץ ריין און גאַנץ ווײַס“, (קול
קורא) 'טהרת בֿנות ישׂראל', וואַרשע תּרס„ב.
— אָ, זיך די הענט פֿ ו ן עמעצן אָדער עפּעס

אָפּטרייסלען זיך, אָפּוואַרפֿן זיך. ״אָפּגעוואַשן
פֿון איר האָט מען זיך די הענט, אויסגעדרייט
זיך ווײַט ווי נאָר מע האָט געקענט״, ממוס,
יודל. „ער וואַשט זיך ניט אָפּ די הענט חלילה
פֿון זיי״, שע, פֿונ'ם יאַריד II.
־ונג — ״נאָך דעם דריטן חודש קילע אָ'ען
פֿאַרן שלאָפֿן גיין״, דר, ג. ריטער, דער
אַרומגאנג און די פֿלעגע פֿון וויגקינד, וואַרשע 1926.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
פּוואַשעוודיק — אדי וואָס מע קען
אָפּוואַשן. אָ'ע פֿלעקן. אויך: אָפּוואַשיק,
נעאָל —יקייט.

פּויאַל(י)ען — דזוו אָפּוו אַנען ←.

סוו אָנדזלען — טרוו ־דזל אָפּ, ,
געוויאָני
דזלט. לד. אוקר. פֿאַרענדיקן רייכערן (וועגן
פֿישן). אינגאַנצן אויסוויאָנדזלען. אָ,
פֿלאָנדערקעס. ־עניש.
פּוו אַנען — אוטוו. ־נע אָפּ, ~געוו אַנעט.

׳ ׳
אָפּוועלקן. בלומען וו אַנען אָפּ. דער גאַנצער סוד
׳
וועט באַלד אָ'. זײַן אין די יאָרן פֿון אָ'. "די

אָפּווײַנען

אויגן אירע האָבן געכליאַסקעט... דאָס אויג
אירס האָט באַלד ווידער אָפּגעוויאַנעט", ד
פֿעלדמאַן איבז, אַ. סליסאַרענקאָ, דער
שוואַרצער מאלעך, כאַרקאָוו, יאָר? "די באַקן האָבן
אָפֿגעוו אַנעט, די ליטקעס האָבן אויסגעבערענט",
׳

מ שטיקער, איק ר,,ה תשכ"ז. אויך מיט
ז י ך. ־עניש.
אָפּוו אָען — אוטוו וויאָע אָפּ, ~געוויאָעט.
׳
אַ לענגערע צײַט מאַכן וויאָ־וויאָ בײַם אָנטרײַבן
פֿערד. "אָפֿגעפֿאָרן א וויאָרסט און אָפּגעוויאָעט
פֿאַר צען", ווערטל
אָפּויבירן — אוטוו ־ריר אָפּ, ~(גע)
וויב.
רירט. גלײַכמעסיק און גיך, ריטמיש זיך

באַוועגן אין א ציטער אַהין און צוריק און
אויפֿהערן. אָ, ווי אַ סטרונע. ־ונג.
אָפּויגן — טרוו וויג אָפּ, ~געוויגט. 1. וויגן
אַ לענגערע צײַט. אָ, דאָס קינד כמעט אַ שעה
א.ן אויסזינגען אַלע וויגלידעלעך. 2.
אויפֿהערן וויגן. אָ, אויף דער הוידלקע, ווען עס
פֿאַרדרייט זיך דאָס קעפּל.
אָפּווי'דערצן — טרוו ־ערץ אָפּ, ~
געווידערצט. אָפּנודיען. אָ, עמעצן, ער זאָל שוין
ווײַכן פֿון אַזאַ קאָמפּאַניע.
אָ'פּווידערשפּע'ניקן — אוטוו. איצ, אומפּ
נבֿ; ~ווידערשפּעניקט. דזוו ווידערשפּעניקן,
נאָר עמפֿאַטישער. אָ, דעם מלכות [אין דאַטיוו].
אָפּוויטען זיך — אוטוו. אַ לענגערע צײַט
זיך שאָקלען אַהין און אַהער בײַם באַגריסן
זיך, בײַם אָנווינטשעווען זיך. אויך אויפֿהערן
וויטען זיך. אָ, זיך בײַם טויער ווי צוויי באַבעס.
אָפּוויי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּווייען. אָפּבלאָז. אָ, פֿון פלעווע. „
פײַנלעך איז געווען דער שטומער וויי און אָ'“, פֿײַנ,
גרויס־שטאָט, נ.,י 1928, ז, 68. ־ונג.
אָפּווײדלען
— טרוו ־דל אָפּ, ~געווײדלט.
דרייען אַהין און אַהער כּדי אָפּצושווינדלען.

ווײדלען ווי אַ הונט און אָ, עמעצן ווי אַן אײזל.
אָפּווײדן — טרוו. ווייד אָפּ, ~געווײדט.
אינגאַנצן אָפּעסן דאָס גראָז אויף (פֿון) אַ ווייד, אַ
פּאַשע. שווב פֿאַרטײַטשט 'בער, פֿיך אב
,,
ווײדן". אורח פֿאַרטײַטשט ,בער, (שמות, כב,
4): ,,וועט אָ, [תּי. ,,אָפּעסן,,] אַזוי איך חחת
,,בישאַפֿן דען גרושׂן אוקסן דר דא אַלי טאָג
טויזנט בערג אב ווייד[ט], דער דא היישׂט
שור הבר", מחדור ר"ה ויו"כ, הומבורג 1721,
קמה/א.
אָפּווײז — דער, ־ן. אַקט פֿון אָפּווײַזן.
--
איינווענד(ונג). פֿאַרקערטע טענה. אָפּפֿרעג.
אָפּווײזיק — אדי נעאָל. וואָס מע קען
--
אָפּווײַזן, נעגירן, אָפּוואַרפֿן מיט לאָגישע טענות.
אַ גרינג אָ'ע טעאָריע ־יקייט.
-
.
אָפּווײזן — טרוו. ווײַז אָפּ, ~געוויזן. 1.
אָפּ־־
זאָגן. ניט אָננעמען, אָפּלייגן. מעכּב זײַן.
אָפּהאַלטן. אָ אַ בקשה. ,,השׂר... ער זיא אָב
,

גוויזין האָט אונ, גיזאָגט ווי זאָלכש שקר ווער", 'כ"י וועגן מעצער עלילת־דם,, 1669 [פֿש III, 250]. ,,ווער דיך אויף איינה לנגי צײַט אָבּ ווײַזט אונ, הינטר הלט פֿון דיר זיין גוטץ טואן...,,, ספֿר מ▯חר הפּני[ים, הומבּורג תּצ"ט, נ/בּ. ,,דיא רבֿקה אָבּיר זיך ניט וואָלין אָפּ ווײַזין לאָזין אונ, גיזאָגט...", גה, 239. "איין אָרים מאַן גיבּ פֿון דײַני שפּײַז אונ, איס ניט אַפּ ווײַז", ▯ה II, פֿיורדא תּפ"ז, טו. "אָבּער זי האָט אַלעמען אָפּגעוויזן, ווײַל ניט איינער פֿון די אַלע פּאַרטיִען האָבּן געהאַט אירע גוטע מידות", ל. יאַסעלאָוויץ, דער פֿערוואָגלטער (הנדוד), ווילנע תּרמ"ו, ז, 6. "דאָ האָט אים מרים זייער זאַנפֿט (איידל און לאַגאָדנע) אָפֿגעוויזן צוריק [די מתּנות]", איבּז שפּערלי[ג, די קאראימישע מיידכען, וואַרשע 1▯99. ,,וועט אין שפֿעטער ניט אָ, ווען ער וועט אונדז אַרויסהעלפֿן פֿון די צרות", בּן־צ▯י, דעם שענקער'מ טאָכטער, קראָקע תּרע"א.

2. אָפּווענדן. אָפּקערן פֿון עפּעס, פֿון עמעצן.

אָפּשטויסן. „מיר גיפֿינדן אין אונזרר תּורה
דז דיא ווײַבר האַבּן פֿר שטאַנד... אַן צו ווײַזן
צו גוטן אונ, אָכ צו ווײַזן פֿון בּויז„, בּראנט,
פּרק יבֿ. „איין גאַנץ יאָר איז דער (שׂטן מקטרג)
פֿר הקבּ״ה איבּר ישׂראל, ווײַזט אים הקבּ״ה אָבּ
בּיז אויף ראָש־השנה״, מחזור ר״ה ויו״כ,
הומבּורג 1721, יט/א. „האָפּערט און בּייזע
געדאַנקען... זאָלן [ניט] אָ, פֿון דינען דײַן
הייליקן נאָמען„, תּחינות ובקשות, ווילנע 1858,
כז/א [איבּערדרוק פֿון דירנפֿורט 1790]. „ווען
איך וואָלט מיך נישט געפֿאָרכטן פֿאַר מײַנע
עלטערן, וואָלט איך [מיין בּרודער] אינגאַנצן
פֿון מיר אָפּגעוויזן״, נײַאי טויזענד אונד איינע
נאַכט, וואַרשע 1852.

מ ◌ׅ ט ז י ך — „אין וײַניר שטרײַטיקייט שטיט
ער גאָר פֿעשׂט, דאפֿון לאָשׂט ער זיך ניט אָבּ
ווײַזין״, ספֿר משלים, פֿפֿדמ תּמ„ז, לה/א.
־ונג. ־ער — „זײַא קיין אָבּ ווײַזיר... גיבּ
זיא פֿון אַלים גוטין״, ע)ה, פֿיורדא תּפ״ז.
אָפּווייטיקן — אוטוו ־טיק אָפּ, ~געווייטיקט.
פּפֿ: ~ווייטאָגן. 1. ווייטיקן אַ לענגערע
צײַט. אָ, עטלעכע יאָר און אויסהויכן דעם
לעצטן אָטעם. 2. אויפֿהערן ווייטיקן. ״די

וואונד פֿאַרהיילט זיך. זי וועט באַלד אָ,“.
אָסווייטערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געווײַטערט.
-
דערווײַטערן. אָפּשטויסן. אָ, אַ לײַבלעכן ברודער.
מיט ז י ך — ,,באַקומען אַ צושטים
אָפּצףווײַטערן זיך אַ ווײַלע פֿון די רייען“, ישק, שליאַך
און אומוועג, ז, 282. ־ונג — ,,קינסטלערישע
שאַפֿונג פֿאַרלאַנגט אָ,, דיסטאַנץ,,, ע.
פֿערשלייסעך, פֿאש, 19 1952 XII.

אָפּווייך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
--
פֿון אָפּווײַכן. פלוצעמדיקער אָ'. אָ, פֿון כלל.
בפֿירושער אָ'. אָ, פֿון אַחרי־רבים־להטות.
,,... אויב עס איז פֿאַראַן עפּעס אַן אָ, פֿון
דעם אַלגעמיינעם באַטײַט פֿון וואָרט“, יוסף
טשערניאק, וושפּ 1 XXI. ,,עס האָט זיך געביטן

1□'.□7

דער אָ,־מוסטער בײַ די הי־געבוירענע ייִדן“,
ייִבל □XXXI, ז, 148.
אָפּווייכונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אָפֿווײַכן. אָפּווענדונג. אָפּנייגונג.
דיפֿראַקציע (פֿיזיק). אבּעראציע. אָ, פֿון שטראַלן.
אָ, פֿון טאָן. אָ פֿון דער פּאַרטיי־ליניע.
פּאָזיטיווע (נעגאַטיווע) אָ,. ,,נערוועזע קינדער... צוליבּ
פֿאַרשידענע אָ'ען פֿון געפֿיל און ווילן שטערן
זיי דאָס נאָרמאַלע שול־לעבּן,,, פֿישל
שניאורסאָן, אינטימע הייל פּעדאַגאָגיק, וואַרשע 1935.
‟אַרויסוואַרפֿן דעם מוסר מיט די משׂכּילישע
דרשרת, מיט די מגידישע אָ'ען,,, שנ,
דערציילערט און ראָמאַניסטן I, ז, 72.
אָפּווייכיק — אדי. נעאָל וואָס קען (איז

מסוגל, איז ראָוי) אָפּ(צו)ווײַכן. אומצופֿרידענע
און אָ'ע פּאַרטיי־מיטגלידער.
אָפּווייכן — טרוו. ווייך אָפּ, י'געווײַכט.
1. מאַכן ווייכער וואָס איז צו האַרט, צו
פֿאַרטריקנט. אָ, דאָס פֿאַרדאַרטע בּרויט. אָ, מיט
פּוטער. ,,גאָר אַלטע, פֿאַרדאַרטע פֿלעקן ווײַכט
מען פֿריִער אָפּ‟, ש שפּירא, קליידער
פֿארבּערײַ, וואַרשע 1900, ז, 27. ,,דאָס פּנים
אײַנשמירן מיט... וואַזעלין... עס ווײַכט אָפּ די
הודט און מאַכט לײַכטער דאָס אַראָפּנעמען דעם
גרים‟, ח ל בּוזגאן, האנטבּוך פֿאַר אַקטיאָרן,

וואַרשע 2 .1937. מאַכן אויס ווייך. מאַכן
האַרטער. ▯ אויף פּאַמעלעך אויסקילן אָנגעגליט
שטאָל זאָגט מען — אָ, ש ט אָ ל „, יאכ II,
ז, 44. אָ, דעם מאָגן — פּטור ווערן פֿון אַ
.
לויזן מאָגן, פֿון אַ שלשול (אין לײַפּציקער
ייִדיש, אָנהייב 20. י״ה) ־ונג.
.
אָפּווייכן — אוטוו ווײַך אָפּ, ~געווײַכט, ~
גע־־
וויכן (ארכ & דיאַלעקטיש). 1. אָפּנייגן רעכטס
אָדער לינקס פֿון אַ וועג. אָ, פֿון וועג און
פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ וואַלד. ״זאָ זאָל היעניראַל
שולטץ מיט פֿלײַס אָב גוויבן זײַן אונ, זיך אויף
זײַטן אַרום בגעבין״, באלעגערניש. „דער
ביבער בײַ זײַן צוריקקערן זיך... מוז ער גיין
אין די זעלביקע טריט וואָס ער איז
הינגעגאַנגען און ווײַכט קיין האָר ניט אָפּ פֿון זיי״, אמד,
קארטוכע, ווילנע 1878, ז, 17. *אָ, פֿון ג ל ײַ ־
כ ן (אמתן, ריכטיקן) וועג — ווערן מאָראַליש
פֿארדארבן. אָ, פֿון ייִדישן וועג — ניט
אָפּ ▯

היטן מער דינים, ייִדישע פֿירונגען. „האָסט נאָך דערצו אָפּגעוויכן אינגאַנצן פֿון ייִדישן וועג“, לאל, ווילנע 1887, ז, 118.

2. אויסמײַדן אַ באַשטימטן אָרט. אַוועקגיין אין אַ זײַט. אָפּרוקן זיך. שווב פֿאַרטײַטשט 'סוג, & ,רחק, — אָ'. מלל פֿאַרטײַטשט ,והענן סר מעל האהל, (במדבר, יב, 10): “אָפּגיוויכין” [תּי: “זיך אָפּגעטאָן”]. „דער ווײַל נחש וויל ניט אב ווײַכן, זיא מוז זיא נאָך איין שליחות פֿאַר ריכטן“, ספֿר מעשׂה השם, 1698 [אַווע III, 460].

„דער הונד האָט ניט וועלן אָפּ ווײַכן פֿון דאָז הויז“, קה, פֿיורדא 1743, לז/ג. „ער מעכט פֿון דיזן הויז אָ'“, איין שייני וואונדרלעכי היסטאָריע פֿון איין פֿישערס זאָהן, זולצבאַך [לעמבערג?], יאָר?

אָפּוויינען

3. אָפּטרעטן. אַנטלויפֿן. „דער דוכס... מיט גרושׂי חרפּה הט ער מוזן אָב ווײַכן“, ספֿר מעשׂה ה„ אַמשט 172 [הש II, ז, 20]. „... דאָ ווײַכט דער גורגיוש מיט זײַן פֿאָלק אָב“, ספֿר

יהודית וספֿר יודא מכּבי, אַמ▯ט תּקכ״א. „זאָ זיינן די ווילדי חיות אָבֿ גוויבן“, איין שיוי היסטאָריע פֿון איינס מעכטיגן ר▯ס טאָכטער פֿון קונסטאַנטינאָפּל, אָרט? [18. אָדער אָנהייבֿ 19. י״ה]. „פֿון דעם טאָג אָן און ווײַטער איז דער רבּי חיים ניט פֿון אים אָפּגעוויכן“, גדלות יצחק, ווילנע תּקס״א.

4. דערווײַטערן זיך. אַוועקקוקן. אָ, פֿון אַ סבֿיבֿה. „ווען גאָט איינים איבּילשׂ טון וויל... זײַני פֿרײַנד... ווערין אָפּ ווײַכין פֿון אים“, גה, 56. „דיא לײַט פֿון מײַן דור זײַנן פֿון מיר אָבֿ גוויכן“, מהמ, אמשט 1722, קעבֿ/בֿ. „[גאָט] ניט איז מין [= מיין, מער] צווישן אײַך, דען ער איז אָבֿ גוויכן פֿון אײַך“, יוסיפֿון, אמשט 1661, רצד/בֿ.

5. ניט אויספֿאָלגן. ניט ממשיך צו זײַן וואָס מע האָט אײַנגעשטעלט. אָפּקערן זיך. אָ, פֿון אַן עצה. אָ, פֿון (פֿריִערדיקן) ציל. אָ, פֿון דעם רבּינס תּורה. אָ, פֿון אַ פּאָר מנהגים. „דיא גאָט האָט טובֿות צו גשיקט אונ, זײַנן דר נאָך אָבֿ גוויכן פֿון גאָטשׂ דינשׂט“, חה, אמשט 1716, סא/א. „ווען מן [אים]... פּײַניקט... ווערט ער דאָך ניט אָבֿ ווײַכין פֿון גאָטשׂ ווילן“,

א□רהס יגל, תּורה לקח טו□, ווילהרמרשׂדאָרף
תפּ"ד. "איך וויל דיר איצונד איין ראַט געבֿן
און, דוא זאָלשׂט דאָ פֿון ניט אָבּ ווײַכן",
יוסיפֿון I, פֿיורדא 1764, נה/בּ. "די שטעלונג
... ווײַכט זייער שטאַרק אָפּ פֿון יענע
יסודות.. □,,, זשיט I□, נ"י 1912, ז, 39.

6. גיין קעגן אַ כּלל, קעגן אַן אײַנגעשטעלטן
סדר. זײַן, איבֿערגעבֿן אומפּינקטלעך. אָ, פֿון
טעקסט. אָ, פֿון איבֿערגעבֿן וואָרט נאָך וואָרט.
אָ, פֿון סטאַנדאַרד. אָ, פֿון אַ מאָדעל. אָ, פֿון
עטיקעט. ,,דער גרויסער ווערטערבֿוך פֿון דער
ייִדישער שפּראַך ווײַכט אָפּ פֿון עטלעכע תּקנות
פֿון ייִוואָ־אויסלייג".
־עניש. ־ער.
אָפּווייכעריש — אדי. וואָס איז בטבֿע

פֿאַרבֿונדן מיטן אָפּווײַכן. אָ'ע נײַע אויפֿטוען.
־קייט.
אָפּווייניקן — טרוו. ־ניק אָפּ, □,געווייניקט.
נעאָל דורכפֿירן עפּעס צו ווייניק. ,,מיר האָבן
שבּת אָפּגעווייניקט און אפֿשר אָפּגעסכט,,,
אפֿא'... שקיעה, ז, 60.
אָפּווײנען — וויין אָפּ, ~געוויינט. אוטוו —

1. אַ לענגערע צײַט ווײנען. אָ אַ גאַנצע נאַכט
,
[אַקוזאַטיוו פֿון צײַט]. אָ, אַלע יאָרן נאָכן מאַן.
,,בײַנאַכט, ווען דאָס קינד האָט געדאַרפֿט אָ,
אַ דרײַ אָדער פֿיר מינוט אויף אויפֿוועקן ווען
מע דאַרף‘‘, י. קיפּניס, דערציילונגען, קיִעוו
1930. 2. אויפֿהערן ווײנען. ,,ס'קינד האָט
אָפּגעוויינט און שמייכלט שוין ווידער‘‘. ,,זיי
וויינען אָפּ און מיינען אַז דערמיט האָבן זיי

 וויסן
-

שוין יוצא געווען‘‘, אלי א יון, יודישע קינדער,
2טעס העפֿט, באַרדיטשעוו תּרנ‘‘ט.
אקוזוו — 1. עפּעס פּועלן דורך וויינען. אָ,
אַ שטראָף [מע האָט ז אַראָפּגענומען]. ,,ער
,

ווערט נעבעך אַוודאי קומען אָ, זײַנע אָרעמע
פֿערציק רײַניש‘‘, ספֿר ש חי רמ‘‘ל, לעמבערג,
יאָר? ז, 18. 2. גרינגער מאַכן דאָס געמיט
דורך וויינען. אָ, דאַס האַרץ. *אָ, דעם ק אָ פּ

— פֿאַרמאַטערן מיט וויינען. „אַזוי זאָגט
גאָלדעלע און וויינט מיר אָפּ דעם קאָפּ“, שע, מאָטל.
3. באַוויינען. אָ, דעם נפֿטר. “די ,נאָרמאַלע,
אומגליקן — וויינט מען אָפּ און מע מוטשעט
זיך וויטער“, מ גראָס־צימערמאַן, פֿאַש,
15 196 XI. „עס וואָלט געוואָרן אַ ליאַרעם, אַ
געפּילדער. זי וואָלט אים אָפּגעוויינט מיט
טרערן,,, ממוס, מסעות.
מיט ז י ך — „ער גייט אין אַ באַזונדער
חדר און וויינט זיך שטאַרק אָפּ“, טויזענד און
איין טאָג, וואַרשע 1839. אויך: זיך גרינגער
מאַכן מיטן וויינען — “זאָל זי זיך אָ', אונדזער
אומגליקלעכע טאָכטער„. *זאָל זיך עס אים אָ,
— זאָל ער האָבן צרות, צער פֿאַר די טרערן
וואָס ער האָט בײַ אונדז אַרויסגערופֿן.
־עכן. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אָפּווייסן — טרוו ווײַס אָפּ, ~געווײַסט.
--
1. מאַכן ווײַס, ריין, ציכטיק. אָפּפֿארבן אויף
ווײַס. “דער שניי וועט אָ, די בלאָטיקע וועגן,,.
“מיט דעם פֿײַכטן טוי... אָפּגעווײַסט די
שפּענדלעך און שטרויען“, ווײַמ, א שטעטל,
וואַרשע 1930, ז, 69. „אַלצדינג צו פֿאַרזאָרגן

... בײם עסן פֿון הײַנט און מאָרגן צי אַפֿילו בײַם קוימען אָ',,, עט, לידער, ווילנע 1925, ז, 22. אָ, דעם קוימען = מאַכן אַן אָנשטעל אַז

.

אַלץ איז גוט, אַפֿילו ווען מע האָט צרות, צער.

2. אָפּקאַלכן. אָ, די ווענט. "ס'איז דער שניי דער ערשטער / הײַנט אַרויסגעפֿאַלן, / אָפּגעקאַלכט די שטיבער, / אָפּגעווײַסט די שטאַלן,,, יוס ר לניק, 'דער ערשטער שניי'.

3. באַדעקן מיט צין. אָ אַ כלי.

,

4. אַריבערפֿירן פֿון נעגאַטיוו אויף פּאָזיטיוו בײַם פֿאָטאָגראַפֿירן.

מיט ז י ך — אויך: אָפּפֿאַרבן די האָר

העלבלאָנד ־רנג ־עכ ן ־עניש.

. . .

אָפּווייען — טרוו. ווײי אָפּ, ~געווייט. [פּד, אוקר. ווייע אָפּ, ~געווייעט]. אָפּבלאָזן. אַוועקבלאָזן. אַראָפּווייען. אָ, פּלעווע. 'וישבֿ אותם אַבֿרם, (בראשית, טו, 11) פֿאַרטײַטשט מלל ועהט אָפּ [תּי ,,אוועקגעטריבן"]. ,,איין זומר הוט דער ניט טיף איז, דאָז ניט זײַן קאָפּף הניין גיט, דאָ טאָר מן ניט דרינן דער

מיט גין אויז דען עירובֿ, דען עשׂ איז צו
בּיזאָרגן דז אים דר ווינט ווערט אָבּ ווען,,,
לט 1, סז/א. ,,דיזע רייד... דער שטורעם וואָס
איז געוואָרן אין שטעטל דורך דיזע צעפּוחאַ...
האָט זי אָפּגעווייהעט פֿון אירעם הערצן ווי
ליידיקע שפּרייע (מעקענע)“, אמד, דער

אידי1773

שער פּאָסלאניק, ווילנע 1880. ,,מיר זײַנען
מענטשן פּשוטע, מיר'ן העלפֿן, מיר'ן אָ'. און
אַ ווייעלקע האָט איר?“, א סטרעליץ איבּז,
שאָלאָכאָוו, אויפֿגעאַקערטע רויערד,
בּאַרדיטשעוו 1937. אויך מיט ז י ך — ,,דער
שטויבּ וועט זיך אָ',,. ־עכ□ן. ־עניש.
אָפּווייקן — טרוו ווייק אָפּ, □י.,געווייקט.
אָפּטיי□ן דורך האַלטן אין וואַסער אָדער בּאַגיסן
מיט וואַסער עפּעס וואָס איז צוגעקלעפּט,
צוגעשטאַנען אָדער אָפּזונדערן איין טייל שטאָף
(מאַטעריאַל) פֿון אַנדערן. אָ, די
פֿאַרהאַרטעוועטע בּלאָטע. אָ, פֿלייש. “ווען אָט די פֿעלן,
כּאַרכּעט מיט זאַלץ, קומען שוין אין גאַרבּעריי־
אַרײַן, דאַרף מען זיי פֿריִער. איידער מע נעמט

,
זיי אין דער אַרבעט, אָ, אָדער אויסווייקן פֿון זיי
די זאַלץ“, ע איזרא, שיך און קאַלאָשן,
קיִעוו 1928, ז, 20. „בײַ געפּאַנירטע אַרבעט
דאַרף מען זײַן פֿאָרזיכטיק און נישט גיסן צו
פֿיל וואַסער; דאָס קאָן אָ, דעם פּאַניר“, בער,
ז, 115. אויך מיט ז י ך. ־דנג.
אָפּווייקען —— אוטוו ־קע אָפּ, י.,געווייקעט.
זיך קלאָגן. האַלטן אין זאָגן ווײ־ווײ אַ לענגערע
צײַט. אָפּקרעכצן און אָ, אַ גאַנץ לעבן.
2. אויפֿהערן צו קרעכצן. “ווען וועט ער שוין
אָ'? ער איז גאָרניט אַזאַ חולה ווי ער מאַכט
זיך“. אויך מיט ז י ך. ־עניש.
אָ'פּוויי'דעכן — טרוו ־רעך אָפּ, ~

געוויײַרעכט. 1. אָפּרייכערן מיט ווײַרעך. אָפּלויבן
איבער יעדער מאָס. אַ, עמעצן מסתּמא אין אַ
באַצאָלטן אַרטיקל ־ונג.

אָפּוויכוהן — [וויקו אַכן] אוטוו וויבוח אָפּ,
,
~געוויכּוחט. אַ לענגערע צײַט פֿירן אַ

דעבאַטע אָדער פֿאַרענדיקן דעבאַטירן. אָ, וועגן
אַכצן און דרײַצן. מיט ז י ך — קזוו
אָ'פווי'כערן — אוטוו ־ער אָפּ, ~געוויכערט.
שטורעמען, וויכערן אַ לענגערע צײַט אָדער
פֿאַרענדיקן וויכערן. „עס האָט אָפּגעוויכערט
כמעט אַ גאַנצע וואָך“. “אָפּגעוויכערט,
אָפּגערעגנט און דאָס וועטער איז מילד, אַ מחיה“.
אָפּווילדעווען — אוטוו ־דעווע אָפּ, ,
געוויל.
דעוועט. אַ לענגערע צײַט זײַן ווילד און
(אָרער) אויפֿהערן ווילועווען. אָ, ווי די אַמאָליקע
רעקרוטן.
אָפּוויליען — אקוזוו ־ליע אָפּ, ~געוויליעט.
.
yla י: >. פטרן מיט גאָרנישט, אומזיסט
אויסבּרענגען. אָ, די צײַט. אָ, די כּוחות.
אָפּווימלען — אוטוו איצ, אימפּ נבּ; ~
געווימלט. דרייען זיך אַהין און אַהער אַרום
עפּעס. „האָבן נאָר וואָס אָפּגעווימלט די ווײַבער
אַרום גרינס אין מאַרק“, בּערג, בּאם דניעפּער
I, 'עמעס', ז, 161.
אָפּווינדלען — טרוו. ־דל אָפּ, .־,געווינדלט.
בּאַפֿרײַען, אַרויסנעמען פֿון די ווינדעלעך. אָ,

דאָס עופֿעלע, ס'קינד. מיט ז י ך — (
שפּאַסיק) זיך באַפֿרײַען פֿון אַ סך מלבושים.

אָפּוויסטן

אָפּווינטיקן — טרוו ־טיק אָפּ, ~געווינטיקט.
1. מאַכן עס זאָל זײַן אַ ווינט אויף ריינער צו
מאַכן די לופֿט. דורכווינטיקן. אָ, דאָס צימער.
אָ, דאָס געשטאַנק. 2. אָפּרייניקן מיט דער
הילף פֿון ווינט. אָ, דעם שטויב, די
אָנגעוואָרפֿענע פּאַפּירלעך. מיט ז י ך — לאָזן דעם
ווינט בלאָזן אויפֿן (נאַקעטן) קערפּער. „אַרויס
פֿון ים און זיך ניט אַרומגעווישט, נאָר זיך
אָפּגעווינטיקט„. ־ונג.
אָפּווינטערן — אוטוו ־ער אָפּ, ~געווינטערט.
פֿאַרברענגען דעם ווינטער. אָ, ערגעץ אין אַ
העק. אָ, אין מיאַמי. „זי [די טורקלטויב]
ווינטערט אָפּ — ווער ווייסט וואו זי ווינטערט?“,
א ׳ א, סטעפּ „שעהנווײַז איז זי געשטאַנען
לעם דער פֿאָטשט, געוואַרט... איז גאָרניט
נ ׳ טאָ? — ניין. אַזוי אָפּגעווינטערט מיט ,ניין'“,
מ ארנאָסקי, קאָמבל און ז ׳ ־נע פֿײַנט, קיִעוו
1939. ־דנג.

אָסווינטשן — דזוו אָנווינטשן ←. "ווינטשן

אָפּ טאַטע־מאַמע מג ל צו זײַן זייער ישׂראָליק לתורה ולחופּה ולמעשׂים טובֿים", ד. י. זיל— בערבוש, סקיצען, ווין 1921, ז, 3. מיט ן י ד — קזוו ־עניש.

־,ווינטשעווען — דזוו אָנווינטשעווען ←. "ער איז געקומען צו גיין דעם ערשטן טאָג חגא... אָפּגעווינטשעוועט...", משה אלטמאן, בלע דעניש, טשערנאָוויץ 1926. "ער, דער ווינער רבֿ, דאַרף אָ אַ מזל־טיבֿ צו דעם נײַ־געבאָרענעם

קריסטלעכן מיידל בײַ אַ ייִדישן טאַטן,,, י ד זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען II, ווין 1931, ז, 59.

אָפּווינציען — סרוו ־ניע אָפּ, .,געווינציעט.

אָפּדרייען. אָפּשרויפּן. אָ אַ שרײַפֿל. אָ, דאָס

קעפּל פֿון שטעקן. אָ, דעם אייבערשטן טייל פֿון דער מאַשינקע. מיט ז י ד — אָפּדרייען זיך אין אַ זײַט. אַוועקדרייען זיך. אָ, זיך פֿון דער חבֿרה בפֿיאנעס.

אָסווינקען — טרוו. ווינק אָפּ, ~געוואונקען.

מיט אַ וואונק מיט די אויגן, מיט אַ דריי מיטן קאָפּ אָנווײַזן מע זאָל אַוועקגיין, אָפּטרעטן, אָפּרוקן זיך פֿון אָרט וואו מען איז. אָ, דעם חבֿר ער זאָל מיטגיין. מיט ז י ך — קזוו זיך ווינקען עטלעכע מאָל. געכן אָנצוהערענישן אָן ווערטער ־עניש

.

אָפּוויסטן — אוטוו & אַקוזוו. וויסט אָפּ, .־, געוויסט. לעבן אין אַ מצבֿ פֿון וויסט־און־וויי. אָפּחושכן. אָפּפּינצטערן. אָ אַ יאָר וו אַ וויסטע

,

אַלמנה. „אַזאַ מאַמע וועלכע האָט איר גאַנצע וועלט אָפּגעוויסט צוליבֿ איר קינד“, משה ריכטער, צו שפּעט, לעמבערג 1914. „און דו, וואָס דו האָסט אָפּגעוויסט דײַן לעבן לעבן מיר אדמזיסט“, מלה, אין ניו־יאָרק, נ״י 1954, ז, 224. “איך וועל מײַנע יאָרן שוין אַזוי אָ', ניט געדאַכט זאָל דאָס זײַן“, א וועוויאָרקע, אף דער גרעניץ, מאָסקווע 1928. „זיי האָבן נאָר געוואָלט זײַן וואָס ווײַטער פֿון לאַגער, וואו זיי האָבן דאָרטן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעוויסט„, צ י א ־זנמאן (יגור), צוק, סעפּט, 1958 ־ונג.

.

אָפּוו□ען — וויִע אָפּ, ~געוויִעט. □i□[□נ□]: □ □ □<.
אוקר. טרוו — אָפּבלאָזן. אָפּווינטיקן. אָ, דעם רויך. אָ, שאָלעכץ פֿון קערעלעך. אַקוזוו — אַוועקפּטרן אויף גאָרנישט. אָ, די צײַס מיט גאָרנישט. אָפּוויליען. פֿרגל אויסוויִען זיך, ← 233.

אפּוויפֿלען — טרוו ־פֿל אָפּ, □י.,געוויפֿלט.

□

.

כפֿלען. ,,דו דאַרפֿסט ניט קיין בלײַער און פּאַפּיר אויף 23. וויפֿל אָפּ די צאָל אויף 20, שפּעטער אויף 3 און לייג צוזאַמען“, (בײַ קינדער פֿון ווילקאָמירער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע) ־ונג.

.

אָפּויצלען זיך — אוטוו ־צל זיך אָפּ, זיך ~געוויצלט. 1. וויצלען זיך אַ לענגערע צײַט. אָ, זיך אַ לעבן־לאַנג מיט צווייד־טיקע וויצן. אָ, זיך און אָ, זיך און ניט ווערן קיין וויצלינג. 2. אַרויסדרייען זיך פֿון אַן אומבאַקוועמער סיטואַציע מיט אַ חכמהלע, אַ ווערטל, אַ וויץ.

,,האָט ניט געוואוסט וואוהין ער זאָל באַהאַלטן
די אויגן פֿאַר ווייטיק און חרפּה... נאָר ער
האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זײַן פּנים אַ שמייכל
פֿון אַ ייִד אַ חכם און זיך אָפּגעוויצלט“, פּמ,
טראָט פֿון דוירעס, מאָסקווע 1966 ־עניש.

.

אָפּוויקלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּוויקלען. (← דוווו)
צעוויקלונג. פֿונאַנדערוויקלונג. ליקווידירונג. “מע קאָן
... פֿאַרגלײַכן דאָס אינערלעכע לעבן מיט דער
אָ, פֿון אַ ספּרענזשינע“, וו. נאטאַנסאָן איבּז,
אַנרי בּערגסאָן, אַרײַנפֿיר אין דער מעטאַפֿיזיק,
וואַרשע 1923. ,,ווען מיר רעדן וועגן דעם
לאָזונג 'מיטן פּנים צום גל□ת', מיינען מיר די
אַנטוויקלונג, נישט די אָ, פֿון גלות“, ש.
מארגאָשעט, טמז, 1964 III □י 29.
אָפּוויקלען — טרוו ־קל אָפּ, ~געוויקלט.
1. אַראָפּוויקלען. היפּוך פֿון אַרויפֿוויקלען,
אויפֿוויקלען. אָ, פֿאָדעם פֿון אַ שפּולקע. אָ,
די שפּולקע. אָ, שטריק וואָס איז אַרומגעוויקלט
אַרום אַ שטאַנג. “צום ערשטן וויקל איך אָפּ
די רצועה פֿון די פֿינגער און דערנאָך טו איך
אויס מיט דער לינקער האַנט דעם של־ראָש און
דערנאָך דעם של־יד“, סש I, ז, 23. ,,האָב איך

איר אָפּגעוויקלט דעם שלייער און האָב
באַטראַכט איר געזיכט,,, אמד, איינע רויבּעך
געשיכטע, ווילנע 1864. אויך פֿיג: ,,אין חושך
אַליין איז אויך ליכט פֿאַראַן. נאָר עס פֿעלט
דער וואָס זאָל קאָנען דעם חושך אָ'“, אַלכּסנדר
פֿארבאָ, מײַן שטענדער, העפֿט II, וואַרשע 1926
ז, □1(.

2. צעוויקלען, פֿונאַנדערוויקלען. אָ, אַ
ספּרונזשינע. אָ, אַ קנויל. ,,איך וויקל אָפּ, ווי מע
וויקלט פֿונאַנדער שפּולן, מײַנע טעג פֿון דעם
גאַנצן אָנגעקנוילטן כלאָם“, הל, 'לידער צו אַ
ווײַטן פֿרײַנט'.

3. פֿאַרענדיקן דורכפֿירן אַ צאָל אָפּעראַציעס,
געשעפֿטלעכע אַקציעס. קומען צו אַ סוף, צו אַ
תּכלית. אויספּלאָנטערן. אָ, אונטערהאַנדלונגען.
אָ, אַ שותּפֿות. אָ, אַ גרויס געשעפֿט. ,,כּמעט אַ

1779

נדר... אַלע מײַנע ביז [אַ]העריקע הלוואות אָ,,,,
ד י. זילבּערבּוש, שטרעכאלעך... , ווין 1916,
ז, 68. ,,פֿונעם האַקן אין וואַלד ביז צום אָ, די
פֿאַרטיקע סחורה דויערט תּמיד מער ווי אַ יאָר
צײַט,,, הערצל אפּשאן, בּית י□tראל — ווישניצער

רבי'ס הויף, סיגעט 1939.

4. ליקווידירן. באַנקראָטירן און אָ, אַלע געשעפֿטן. "מע גיט זיי זעקס חדשים צײַט אָפּצוּווּיקלען זייערע געשעפֿטן און נאָך דער צײַט וועט קיין איינציקע [לײַקאַסע] נישט דאַרפֿן עקזיסטירן", ייִפּאָל, 1885, No 1. „זי האָט מיטן לעבן אַלע חשבונות אָפּגעוויקלט, געלעבט ווי איינער וואָס לעבט שוין נישט,,, שמעון האָראָנטשיק, ,גאָטס משפּט,.

5. אָפּקנעטן און אָפּשנײַדן. „שכנות פֿאַרהערן זיך אין... אויספֿלעכטן דעם פּורימקוילעטש און אָפּצוּוּויקלען די קישעלעך", ממוס, ווינטשפֿ.

מיט ז י ך — 1. צו די בּבּ 1 — 3. „וויקלט זיך אָפּ דער שנור מיט גוויס געשווינדקייט,,, אמד, פלאי ה', ווילנע 1856. „וויקלט זיך בײַ אים קוים אָפּ איין געשעפֿטל, און דערווײַל זענען געפֿאַלן פֿיל שפּעזן [= הוצאות],,, ארז, קמ, 1867 30, No. „אַז איך וועל זיך אָ, מיט מײַן 'פּאָרטעפֿעל, און וועל זען די אונטערשטע שורה", שע, מנחם—מענדל. „דער קריג האָט זיך אַזוי אָפּגעוויקלט אַז די רעגירונג האָט זיך ניט צעקריגט מיט קיין אַנדער מדינה", קמ, 1865, No 4.

2 פֿאָרקומען, געשען (וועגן אַ פּראָצעס וואו
.
עס ווערן דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע סטאַדיעס).
״בשעת דער פּאַוזע... וויקלען זיך אָפּ די
פֿרײַע באַציאונגען... צווישן די פֿאַרשידענע
קינדער־גרופּעס״, פֿישל שניאורסאָן, אינטימע
הייל־פּעדאַגאָגיק, וואַרשע 1935. „האָט טאָמאַס
מאסאריק פֿאָרויסגעזען די געשעענישן און
— — *..
זיי האָבן זיך אין די ווײַטערדיקע פּאָר צענדליק
יאָר אָפּגעוויקלט...״, צ. ה וואקסמאַן, אין
לאַנד פֿון מהר״ל און מאַסאריק, וואַרשע 1936.
״אין קאָראַלניקס עסיי האָט זיך דער
סימבאָלישער קאַמף צווישן יעקבֿן און גאָטס מלאך
אָפּגעוויקלט אַנדערש ווי אין דעם גוט באַקאַנטן
חומש־עפּיזאָד״, שבֿש I, ז, 203.
־ונג. —עכץ. ־עניש. ־ער.
אָפּוויקסן — טרוו. וויקס אָפּ, ~געוויקסט.
(סטאָליערײַ). דזוו אָפּוועקסן. אָפּפּאָלירן. אָ,
רי ברעט פֿון טיש.
אָפּווירבלען זיך — אוטוו ־בל זיך אָפּ,
▯
זיך ~געווירבלט. דרייען זיך, טומלען זיך,
קאָכן זיך — און אויפֿהערן.

אָ'פּווי'דטשאַפּטן — אוטוו ־שאַפּט אָפּ, ־י.,
געווירטשאַפּט. קורלאנד, זאַמעט קאָמאַנדעווען, אָנגעבן מעשׂים. אָנמאַכן אַ הקדש — און אויפֿהערן. ״ער האָט שוין אָפּגעווירטשאַפּט!״ = (אומאיידל) אַוועק פֿון דער וועלט.
אָפּווירען — טרוו ־רע אָפּ, ~געווירעט.

.

פֿאַרענדיקן מאַכן ליניעס מיט אַ ווירע. אָ,

אָפּווישן

עטלעכע בויגנס און געבן די קינדער פֿון ערשטן קלאַס אַרײַנצושרײַבן ענטפֿערס. אָ, דעם טאָוול מיט אַ גריפֿל.
אָפּווירצ(לע)ן — טרוו. ווירצ(ל) אָפּ, ~ געווירצ(ל)ט. אַ ביסל באַווירצן. צוגעבן נאָך אַ ביסל געווירץ. אָ, אַ שפּײַז.
אָפּווירקן — אוטוו. ווירק אָפּ, ־י.,געווירקט. אויפֿהערן ווירקן. ניט האָבן מער קיין השפּעה. מיט ז י ך. ־ונג.
אָפּוויש — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּווישן (זיך). אַ פֿולקומער אָ, פֿון לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט.
אָפּווישונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער

רעזולטאַט פֿון אָפּווישן (זיך). בּיסלעכווײַזע אָ, פֿון חובֿות. „די דריטע וועלט־מלחמה — אַ מלחמה פֿון אָ, פֿון הונדערטער מיליאָנען לעבּנס". "דער פֿלי צו דער לבֿנה, די אָ, פֿון הימלשע מרחקים„. „און, צו אבּ ווישונג דער זינד דיא (להכעיס) גישעהן", מחזור ר"ה ויו"כּ, הומבּורג 1721, ר/א. "כּדי מוחל צו זײַן די חטאָים... און צו אַן אָ, פֿון זינד„, מחזור ח"בּ, פּפֿדמ 1885, ז, 275.

אָפּווישן — טרוו. וויש אָפּ, ~געווישט.

1. מאַכן טרוקן וואָס איז נאַס, אײַנגענעצט, מיט אַ שטיק(ל) שטאָף (וואָס איז פֿאַר דעם בּאַשטימט). זיך אַרומוואַשן און אָ, דאָס פּנים מיט אַ האַנטעך. אָ, דעם שווייס פֿון שטערן מיטן טאַשנטיכל. „אַז מע קומט צוריק פֿון אַ לוויה, וואַשט מען זיך די הענט אין גאַס... די נאַסע הענט ווישט מען ניט אָפּ מיט אַ האַנטעך, נאָר מע רײַבּט זיי אין אַ וואַנט, אין אַ צוים אָדער מע ווישט זיי אָפּ מיט בּלעטער, נאָך בּעסער איז צו לאָזן די הענט זיך אָפּטריקענען",

א רהס רעכטמאַן, ייִבּל XI־II. „ווען אויף דעם טיש איז פֿיל וואַסער אויסגעשיט איז אָסור שבּת אָפּצווּווישן מיט אַזאַ האַנטעך וואָס מען מקפּיד איז דערויף; ווען נאָר ווייניק וואַסער

איז פֿאַרשיט איז מותּר אויסצוּווישן,,, הרבֿ א
בּרוידאָ, הליכות עולם, אונגוואַר 1864, מו/א.
,,איינעם איז פֿאַרגאָסן געוואָרן טינט אויף זײַן
ספֿר, האָט ער אָפּגעווישט מיט זאָ אַ קלייד
וואָס חשובֿ איז. האָט איינער צו אים געזאָגט:
וואָרן ווישסטו דאָס ניט אָפּ מיט דײַן העמד?“,
ספֿר חסידיס, ווילנע תּקע,,ט. ,,בּאַלד נאָך
דעם בּאָדן דאַרף מען [דאָס קינד] אָ, מיט אַ
טרוקענע וואַרעמע טוך“, מלכּה בּערלאנט, די
גליקליכע מוטער, ווילנע 1836, ז, 51. ,,
פֿאָרזיכטיק האָט ער מיט דער נאָזטיכל אָפּגעווישט
דעם פֿאַרבּלוטיקטן ראַנד פֿון אוניפֿאָרעם“, ש
קאשעווניק איבּז, בּאריקאַדן אין ווערינג,
מאָסקווע 1931.
2. אַוועקנעמען, אָפּרייניקן עפּעס פֿון עפּעס.
אָפּרײַבן. אָפּבּאַרשטן. בּאַזײַטיקן וואָס מאַכט
שמוציק. אָ, די בּלאָטע פֿון די שטיוול. אָ, די
בּרעקלעך פֿון טיש. אָ, פֿון גאָרטנדל די
פֿאַרוועלקטע בּלעטער. “וואו אַ נאַר איז געזעסן
זאָל מען דעם שטול אָ'“, טענדלאו, 819. “וועז

אָפּוויש ￼ זיך

זלטץ אבר פֿעפֿער לעג אויף זײַן מויל [פֿון

גוסס] מג מן עשׂ וואַל אבֿ ווישן [אויך פֿון
בֿר־מינן], אבֿר וועט עשׂ האַרט אַן אים קלעבֿט
טאָר מן ניט אבֿ קרצן“, ר, שמעון פֿראַנקפֿורט,
ספֿר החיים, קיטן תּע“ז, ד/א. „וועט איינר העט
אַן זײַנם שוך אַן קלעבֿן ערד אודר זאַנד, טאָר
ער ניט זײַן שוך אָבֿ ווישן אַן דיא ערד וואָ עז
ניט גיפֿלשטירט איז, אַך ניט אַן די וואַנט“,
לט 1, סז/בֿ. „ווער זיך אויסשנײַצט און זײַנע
פֿינגער זענען אײַנגעריכט... , זאָל ער קיין
ספֿר אָנרירן, ביז ער זײַנע פֿינגער אָפּווישט“,
ספֿר חסידים, ווילנע תּקע„ט. „און איר, פֿרומע
ווײַבער, ווערט ניט בייז, ווישט אײַך גאַנץ פֿײַן
אָפּ די פֿאַרסמאַרקעטע נעז“, אבֿג, דער דעקטוך,
וואַרשע 1876, ז, 49. „קיין זאַכן־בערשטל איז
בײַ אונדז ניט געווען, האָבֿ איך די פֿלעקן
אָפּגעקראַצט מיט די נעגל, אָנגעשפּײַט און מיטן
אַרבל אָפּגעווישט„, ישׂראל רוכומו▯סקי,
זכרונות פֿון מײַן לעבֿן, פּאַריז 1930. „די הויכע
יאָדלעס ווישן מיט די שאָטנס אָפּ דעם גרויען
שטויבֿ פֿון מײַנע טריט„, רחל זשיכלינסקי,
שווײַגנדיקע טירן, נ“י 1962. *נאָך ניט
אָפֿגעווישט דעם שטויבֿ פֿון די שיך (פֿיס) —
אָנגעקומען נאָר מיט אַ קורצער צײַט צוריק,
זיך נאָך ניט אײַנגעהיימישט.

3. דזוו בּ2 — פֿיג. א) אָ, די ז י נ ד. „יסורים ווישן אָפּ די זינד (חטאָים)“ [׳יסורים ממרקין עוונותיו של אָדם׳, לויט יומא, פּו/א]. רײַכלין 8 פֿאַרטײַטשט ׳אַכפּרה, (שמות, לבֿ, 30): ״איך וויל אַבּא ווּשן״ [אַ שורוק אונטער די צוויי וו]. שבֿ, יד/בּ פֿאַרבינדט ׳כּפֿרה, מיט אָ׳. ״כּפּרה איז א לשון פֿון אָ, וואָס ער ווישט אָפּ דעם שמוץ פֿון די זינד„, תּניא, צא. „אַליין תּשובֿה ניט דעם כּוח האָט דעם פּגם פֿון די נשמה גאַנץ אָפּצוּווישן און אָפּצומעקן״, ר, הילל ליכטענשטיין, עת לעמ‏ד ות II, סאַטמאַר תּרפּ״ה, כז/א. כּ) אָ, דעם (גרימ)צ אָ ר ן (רוגז, כּעס), אים אײַנשטילן. „איך וויל אָבּ ווישן זײַן [עשׂוס] צאָרין מיט דער פּריזנט״, טח, בּראשית, לבֿ, 19. ״דער צאָרן פֿון מלך הקבּ״ה איז אַז (מלאכי) דיא שלוחים פֿון טוט, אבּר איין חכם (יכפּרנה) דער ווישט אָבּ אונ, איבּר בּעט דען מלך„, סהמ, משלי, טו, 12. אויך: אָ, די בּיטערקייט, דעם פֿאַראיבּל אע. ג) די שאַנד (די חרפּה, חרפּות). „אונ, וואו מיט ווילשׂטו אָבּ ווישן דײַן שאַנד אונ, שמאַך״, יוסיפון, אמשט 1743, קס/בּ. ״די קלעפּ האָבּן שוין געהאַט געשטילט זײַן בּעס, אָפּגעווישט די חרפּות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען דו ך זײַן

גאַנץ לעבן“, אָפּא, אין פּוילישע וועלדער, ווילנע 1928, ז, 83.

4. אָפּשאַפֿן. אָפּמעקן. מאַכן עס זאָל מער ניט זײַן. אָ, די אײַנגעשטעלטע ג ר ע נ ע צ ן. אָ, די מאָראַלישע ג ע בּ אָ ט ן. אָ, דעם לעצטן ז כ ר (פֿון א חבֿרה, פֿון א תּקופֿה). אָ אַ בּרכה (קללה). אָ אַ כאַראַקטער־שטריך.

,,אויף אַלע איז אָנגעשריבּן גלופּסק, אויף אַלע איז דאָס אויסגעקריצט מיט טיפֿע צייכנס ניט אָפּצווּוישן“, ממוס, צוריק אַהייס ,,דעמאָלט

178()

לאָזט די באָבע יאַכנע די אויגן אַראָפּ און
ווישט אָפּ דאָס שמייכל פֿון פּנים מיט אַ
ביינערדיקער האַנט", פּרק, „די באָבע יאַכנע„. „איצטער
בין איך אויף דײַן ערד... צו באַזיגן צײַט
דורך צײַט און מרחקים אָפּצוּווישן", הל, 'די
באַלאַדע פֿון מדבר'. „ער האָט אָפּגעווישט די

נעכט, גלײַך מע ברויכט נישט שלאָפֿן„, א
גאָלדבערג נאָך דער שחיטה, פּשעמישל 1927,
ז, 11. „זי קאָן ניט נעמען אַ האַרטן, קאַלטן
'ניין, און מיט אים טאָן אַ וויש אָפּ די גאַנצע
וואַרעמע האַרציקייט", ב. דעמבלין, צוויי און אַ
דריטער, נ"י 1943, ז, 12. „פֿאַרשווײַגן אַ
ווערק מיינט נאָך ניט אָ, די עקזיסטענץ פֿון
דעם ווערק", בצג, טמז 1964 XI 16. „צווישן
זאַמד און זאַמד די פֿרעמדקייט אָפּגעווישט",
האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966, ז, 269.

„ס'וועט אָ, די זאָרגן“, פּאָר, 9 1960 XII. „וועד זשע וועט... אָ, דאָס שקיעה־בּלוט פֿון זײַנע אויגן?“, פּמ, כאליאָסטרע II, 1924, ז, 14.

5. ליקווידירן. אָ, אַ פֿליכט וואָס מע האָט גענומען אויף זיך. אָ, אַן אָפּמאַך, אַ קאָנטראַקט. אָ, די דיקטאַטור, די געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג. אָ אַ ח ו ב — בּאַצאָלן אָדער דורכ,

קומען מיטן קרעדיטאָר. „אַנשטאָט דאָס די צײַט אין מיט מיר געגאַנגען בּשלום און רעכטפֿערטיק בּײַ מײַנעם לעבּן, דער טויט אָבּער ווישט אַלעס אָפּ„, אַ. פּאַוויר איבּז, בּחינות עולם, זשאָלקעוו תּקס״ה, לב/ב.

6. אומבּרענגען. אָ, פֿון דער ערד הונדערטער קהילות. אָ, די גאַנצע מערבֿדיקע ציוויליזאַציע. אָ אַלץ און אַלעם, ניט איבּערלאָזן קיין אַנטרי,

נונג. „זיי זאָלן ווערן אבּ גיווישט פֿון פּוך [— בּוך] דיש לעבּן“, [סידור] תּפֿלה למשה..., דעסוי 1696, שנו/א. “איך וויל אָבּ ווישן דיא שטאָט ירושלים אַז ער אָפּווישט איין מאַן דיא שיסל“, סהמ, מלכים ב, כא, 13. “אָרעמע יִדישע הײַזלעך — האָט מען זיי צעקלאַפּט...

צעמאָלן און אָפּגעווישט — אויס, נישטאָ
קרולניק!״, שע, מעשׂיות און פֿאַנטאַזיעס, ז, 192.
,,קיין מבול קען ניט קומען צו אָ, דעם סדום״,
הל, אין טרעבלינקע. . ,,איז אָפּגעווישט די
שטאָט פֿון טאַטנס טאַטן״, סעג, איצטער, נ״י
1948, ז, 53.

אין אַ צאָל אידיאָמאַטישע אויסדרוקן: א) אָ,
דאָס מ ו י ל = פֿאַרשווײַגן, ניט אַרויסווײַזן קיין
סימן. ,,ווען דיא מאָל צײַט אויז איזט זוא גינין
זיא דאַר פֿון אונ, ווישן דאָז מויל אָפּ,,, גה, 205.
און מיט ז י ך: ,,האָט געגעסן, האָט זיך דאָס
מויל אָפּגעווישט און זאָגט: איך האָב קיין בייז
נישט געטאָן״, מס, משלי תקע״ד, ל, 20. ,,ער
איז מיך באַפֿאלן מיט זידלערײַען. איך האָב
(מיר) אָפֿגעווישט ס'מויל און בין אַוועק,,, בער
י ראָזען, ייִשפּ 6□ ,□I. ,,ער ווישט זיך אָפּ
ס'מויל און גייט דערפֿון״, טענדלאו, 375.

ב) אָ, (זיך) די ל י פּ ן — דזוו אָ, דאָס מויל.
,,אָ, די ליפּן און מאַכן אַ שווײַג,,, פֿוול. ״און
שפּעטער גיי איך צו מײַן אַרבעט, / זע איך
מײַן געליבטן מיט א צווייטער גיין, / איך האָב
אָפּגעווישט מײַנע ליפּעלעך / און בין אַוועק

מיט אַ גרויס געוויין,,, פֿל "איך וויש מיר אָפּ די ליפּן גלײַך ווי ס'איז גאָרניט געשען",

אבג, דער יוד אין קיע [הש I]. ,,האָבּן אָפּגעווישט די ליפּן און זאָגן: מיר האָבּן נישט געטאָן קיין אומרעכט", שע, אָרעמע און פֿריילעכע I, ז, 53.

ג) אָ, די וו אָ נ צ ע ס (וואָנצן) — דזוו פֿריער. ,,אָפּגעווישט די וואָנצעס, אַראָפּגעשלונגען די בּאַליידיקונג,,. ,,זײַנע מאמינים — אַ טייל האָבּן אָפּגעווישט די וואָנצעס און אַ טייל זײַנען פֿאַרקראָכן אין די מײַזלעכער", אמד, דיא כלה פֿון מאַראָקאָ, ווילנע 1868. ,,איך האָב אָפּגעווישט די וואָנצן און געמאַכט אַ שווײַג", א שאצקעט, יוד, פֿאָלקסביבּליאָטעק I, קיִעוו 1888, ז, 114.

ד) אָ, די ט ר ע ר ן (אויגן) — אין ערשטיקן בּ און טרייסטן. "די ניט־גוטע וועלן פֿאַרלירן זייער כּוח און עס וועט אָפּגעווישט ווערן טרערן פֿון איטלעכנס פּנים", ממוס, קליאַטשע ,,אונדזער וואָרט ניט אָפּגעווישט קיינעמס טרער פֿון אויגן", אַר, 'אונדזער וואָרט'. "יידישע טרערן איז שווער אָפּצווּוישן", י. יאַנישעווסקי, דער געפֿונענער ברודער, באַרדיטשעוו תּרס,,ה,

ז, 8.

ה) אָ, די נ אָ ז — מיטן ערשטן בֿ און
געבֿן אַ פּסק, דערלאַנגען אַ גאָבֿ. „זאָל ער
פֿריִער דעם קינד די נאָז אָ"“, ספֿר חסידים,
ווילנע תּקע״ט. ״נו, ער האָט אונדז אָפּגעווישט
די נאָז“, [אָפּגענאַרט], שע, קאָמעדיעס, 'יקנה“ז'.
ניט קענען אָ, די נאָז — ניט זײַן דערוואַקסן.
ז י ך אָ, די נאָז — אַרײַנפֿאַלן, קריגן אַ פּסק.
„ער האָט שוין דרײַ מאָל אָנגעזעצט... און
זיך אַפֿילו נאָך ניט איין מאָל די נאָז
אָפּגעווישט“, ייִל, מײַן ספֿר הזכרונות, No 4, אַדעס
.1883

ו) אָ, פֿון ז כּ ר ו ן — (מאַכן) פֿאַרגעסן.
אויך: זען בכּיוון צו פֿאַרגעסן. ניט אָפּצוווישן
פֿון זכרון. „אַזאַ נאָמען האָט די צײַט אָפּגעווישט
פֿון מײַן זכרון“, דא, פֿון בערלין ביז סאַן
פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930, ז, 268.

אָפּווישן זיך — □ ← דפֿוו „אַז מע האָט
אָנגערירט די געוואַשענע האַנט מיט דער
אומגעוואַשענער האַנט, מוז מען זיך אָ, די האַנט
און נאָכאַמאָל וואַשן“, חא, לד/בֿ. ״די באָבֿע
אַכנע ציט אַרויס פֿון איר אונטערטאַש אַ
י
גרויס פֿולאַרן טיכל אוןווישט זיך אָפּ דעם

שטערן", פרץ, 'די באָבע יאַכנע'. „דער עטישער בטלן... שפּײַ אים אין פּנים, ווישט ער זיך רואיק אָפּ און טרייסט זיך מיט דעם אַז איבערמאָרגן וועלן אַלע פֿעלקער פֿאַרשווינדן", זשיט II, נ"י 1912, ז, 175. "אַ מע ווישט זיך אָפּ דאָס אונטער [לײַב] מיט אַ שערבל...",
ספֿר הנהגות טו֯ות, וואַרשע תּרנ„ב, ז, 67.
*זיך אָ, מ י ט עמעצן — וואַרפֿן די שולד אויף יענעם.
־עכץ. ־עניש. ־ער (־ין, ־קע).
־ערײַ.
אָפּוועבן — טרוו וועב אָפּ, ~געוועבט.
וועבן אַ ביסל, וויפֿל עס איז נייטיק. „בײַ

אָפּוועג

פֿרויען [אין דאָרף] איז די אַרבעט ניט קיין שווערע... ווי נאָר מע שטייט אויף, מעלקט זי אויס די בהמות... האָדעוועט אָן די קינדער, צעגראָבט דעם גאָרטן... נייט אָפּ, שטריקט אויף, שפּינט אָפּ, וועבט אָפּ, שמירט אַרום, קאָכט אָפּ...", א. קיפּניט איבז, אָסטאַפּ ווישניאַ... , כאַרקאָוו 1929.
אָפּוועג — דער, ־ן. אָפּצווײַג פֿון אַ וועג.

זײַטיקער, באַזונדערער אָ'. „אחר חצות נמצא
על דרך עקומה הנקרא אָבוועג יהודי אחד שוכבֿ
שם מת", הר״ משלם זלמן בר, שלמה כהן,
שו"ת מהרז"ך והוא חלק שני מספֿר בגדי
כהונה, פֿיורדא תקס"ז, מט/ב. „ר'איז אַוועק
אויף אַן אַנדער אָ',„ מלך ראַוויטש, מײַן
לעקסיקאָן. „זײַנע וואַלד־פֿאַרבאָרגענע, פֿעלד־
פֿאַרלוירענע אָ'ן,„ קאָר I, ז, 266.
אָפּוועג — דער, ־ן. אַקט און רעזולטאַט
פֿון אָפּוועגן אויף אַ וואָגשאָל. אַן אָ, ביז אַ
טויזנטל פֿון אַ גראַם.
אָפּוועגונג — די, ־ען. פּראָצעס און
רעזולטאַט פֿון אָפּוועגן. „בײַ זייער פֿיל אָ'ען...
זײַנען גאַנץ באַקוועם פּרוזשין־וואָג מיט דינע
פּרוזשינעס", מ ש ולמאן איבז, א. וו. צינגער,
... עלעמענטאַרע פֿיזיק, מאָסקווע 1923. „עס
פֿאָדערט זיך אַ פּרטימדיקע אָ, און אויסנוצונג
פֿון זײַן דיאַלעקטאָלאָגישך רויוואַרג", מוו,
יושפּ XIII, 2־3.

אָפּוועגן — טרוו וועג אָפּ, ~געוואויגן.
1 פֿאַרענדיקן דעם פּראָצעס פֿון וועגן. אָ, בײַם
.
פֿאַרקויפֿן אויף דער וואָג. אָ, צוויי פֿונט צוקער.

אָ, די צונג. ,,גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פֿון די קליינע קינדערס וועגן, אַ לעבעלע ברויט אָפּצוּוועגן, אַן אָרעמאַן אַוועקצוגעבן,,, פֿל *,,מע קען זיי כיידן אויף איין שאָל אָ, = זיי זײַנען גאָר ענלעך, גלײַך, עגאַל. ,,הושענא־רבה וועגט ער אָפּ גוט" — איר וועגן אַ קרעמער וואָס פֿאַלשעוועט בײַם אָ': נאָר איין טאָג אין אָר,
י

-

ווען מע שטעמפּלט אָפּ דאָס קוויטל, איז ער ערלעך.

2. וועגן בײַם אָפּגעבן. וועגן עס זאָל זײַן גלײַך, פֿינקטלעך. אָ, דאָס גאָלד און אָפּגעבן דעם יוּוועלירער צו מאַכן אַ פֿינגערל. אָ, זילבער בײַם באַשטעלן זילבערנע לײַכטערס. "דער קיניג זאָל מיר די זאַך געבן געשריבן און געזיגלט... , דאָ וויל איך אַזוי באַלד אָ, דעם קיניג די אַכט צענטן זילבער", ר, אליקוס חזן מקאָמאַרנא איבז, שי, אמ▯)ט ת,,ס. ,,עזרא הסופֿר האָט געגעבן דאָס זילבער וואָס האָט געקערט צו דעם בית־המקדש, צו די נאמנים האָט ער אָפּגעוואויגן", ספֿר חסידיט, ווילנע

תּקע,,ט. ,,דו האָסט דאַך געגעבן דעם מענטשן
די בחירה. דו האָסט גלײַך אָפּגעוואויגן דעם
יצר־הרע מיט דעם יצר־טובֿ אַז דער מענטש
זאָל שטיין אויף איין וואָגשאָל“, ר, חיים בר,
א□רהט הכּהן, וויכּוח דעך ר□כל מיט דעס
יצרהרע, ירושלים 1902. “ווען איר פֿאָטער וועט
זי ניט ווען געבן צו אים, זאָל ער געלט אָ,

17□1

גלײַך אַז ווי די גאָב פֿון די יונגפֿרויען“, חחת,
שמות, כד, 16. מו/א.
3. ציִען אויף אַראָפּ. אַראָפּשלעפּן איבער דער
שווערקייט. “ס'וועגט אָפּ דעם אַקסל פֿון דעם
קלומיק וואָס מע שלעפּט“. ,,די זילבערנע
מטבעות וועגן אָפּ די קעשענע“. ,,אַ מלאָכה
וועגט ניט אָפּ די פּלייצע“, שוו ,,באָרוועסע
פֿרויען... זײַנען געגאַנגען אײַנגעהויקערט, —
ס'האָט זיי אָפּגעוואויגן די הענט די גרויסע
צינענע עמער פֿול ווי אַן אויג מיט ליטאָווע
ווײַנשל“, ה אָרלאַנד, הרעבליעס, כאַרקאָוו 1931.
4. וועגן אַזוי אַז אויף איין וואָגשאָל זאָל זײַן
עפּעס גאָר טײַערס, געוויינלעך גאָלד. ער (זי)
איז מ י ט גאָלד אָפּצוּוועגן — אויף איין

וואָגשאָל ער (זי) און אויף דער צווייטער —
גאָלד. ער לאָזט זיך אָ, מיט גאָלד — ער וויל
זייער אַ גרויסן נדן. אָ, עמעצן מיט גאָלד —
זיך לאָזן באַצאָלן פֿאַר עפּעס זייער אַ גרויסע
סומע. לאָזן נאָך זיך ספֿרים וואָס זײַנען ווערט
מיט פּערל (דימענטן) אָפּצוּווּעגן. „מײַן מי
וועט גרט באַלוינט ווערן: דער פּרינץ וועט איר
אָ, מיט גאָלד“, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895.
“האָט איינער געהאַט אַ כּיסל ווייץ אָדער קאָרן,
האָט מען ס'אים געמוזט מיט רויטע רענדלעך
אָ'“, עט, םערקעלע.

5. איבּערוועגן. וועגן שווערער, מער ווי אַן
אַנדער זאַך, מאָטיוו. איין סבֿרא וועגט איבּער
אַ צווייטע. „מיט איין מצווה קען מען אָ, דעם
וואָגשאָל צום גוטן“, ר, יעק מדובּנא, משלי
חכמה (ויקרא), ווילנע תּר“ן, ל/בּ. „די
ליכשאַפֿט וואָס ער האָט געהאַט צו זײַנע עלטערן
האָט אין אָפּגעוואויגן זײַן ציל„, ט“ב [מ.
בּרעגאָווסקי] מקאָוונאָ, היסטאָריע דער תּנאָים אָן א
חתן, ווילנע 1876, ז, 7. “זאָלן זײַן צוואַנציק
הענט אָרעמע אויף איין וואָג און זײַנע אויף
דער צווייטער — וועט זי אָ'“, בּלעטער, No 8.

6. באַטראַכטן. פּינקטלעך אָפּשאַצן דעם
ווערט. אָ, און אָפּמעסטן. אָ, יעדער וואָרט. אָ,

אַלע פּרטים, אַלע דעטאַלן. אָ, אין די געדאַנקען
ווען עס איז נייטיק צו העלפֿן. „אַקעגן
גאָטס אויגן שטייען דאָך אַלע די גענג פֿונעם
מענטשן, ער וועגט אָפּ אַלע זײַנע פּלידעס„,
מס, משלי תּקע״ד, ה, 21. „דאַרף איטלעכער
מענטש לויט... זײַן אָרט און מדרגה און
עבֿודת־השם אָ, און פּרקוון... צי דינט ער דעם
אייבערשטן לויט דעם ערך״, תּניא, 76. „האָט
זי גענומען אָ, אירע שאַנסן„, מ טײַטש, אַרום
דער פֿאַבריק, 1924, ז, 217. „אַ האַרץ אַרן אַ
שׂכל־הישר האָסטו... אַרײַנגעזעצט, כּדי ער
זאָל קאָנען אָ, און אָפּמעסטן, פֿילן און
פֿאַרשטיין וואָס גוט און שלעכט איז״, אַש, דער
תּהילים־ייִד ״תּקנות פֿון 'צער־בעלי־חיים', פֿון
אָ, און אָפּמעסטן פֿיזישן ווייטיק און פֿון
רחמנות האָבן״, גרינ, איד און וועלט, נ״י 1953, ז,
274. „נאָר קיינער איז ניטאָ אַרום די קניִען זיך
צו וויקלען און אָ, מײַן לעבן״, סוצ I, ז, 328.
מיט ז י ך — „ווילן זיך אָ, מיט גאָלד, און
אַזעלכע גאָלד קען יעצט דער פֿאָטער ניט

אָפּוועלן

געבן״, פֿרדילין טויבע סעגאל, עולט המע ה,

וואַרשע בּ188 ־עכ□ן ־עניש.

. .

אָפּוועגן — אוטוו איצ, אימפּ נבּ, □..־,
געוועגט. אָפּקערן, אָפּנייגן פֿון ריכטיקן וועג.
טס פֿאַרטײַטשט 'ארח חיים פּן תּפֿלס, משלי,
בּ, 6: "דעם לעבּנסוועג זאָלסטו דעמאָלט ערשט
אָ"" [תּי: "כּדי זי זאָל ניט גיין דעם גלײַכן וועג
פֿון לעבּן,,].
אָפּוועגעטירן — אוטוו ־טיר אָפּ, ~
וועגעטירט. אַ לענגערע צײַט לעבּן אינגאַנצן
פּאַסיוו און אומפּֿעאיק צו טראַכטן. אָ, עטלעכע
אָר אין אַ מושבֿ־זקנים ־ונג.
,
.
אָפּוועזנד — אדי. דטשמ. נר. 1. וואָס איז
דערבײַ ניטאָ. וואָס פֿעלט אויס אויף אַ
בּאַשטימטן אָרט אין אַ באַשטימטער צײַט. די אָ'ע
מיטגלידער פֿון פֿאַראיין. 2. פֿאַרטראַכט.
פֿאַרחלומט. ,,לאה שטייט אין דער אָפֿענער
אַרקאַדע, אָ, פֿאַרקוקט אין דער אײַנגאַנגסטיר",
פּרץ, 'וואָס אין פֿידעלע שטעקט'.
אָפּוועזנ דיק — אדי פּרוּוו צו פֿאַרמינערן
דאָס דײַטשמערישע פֿון דפֿוו נר "ער האָט
סאַלוטירט לכּבֿוד דעם אָ'ן פּולקאָווניק,,,, עוזר
וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פֿאַריז 1924, ז,

56. ״האָט ער שטענדיק ווי אָ, געשמייכלט״,
ייִט, טאָג, 13 1957 III. ־יקייט — ,,די
כמעט אָ, פֿונעם 'באַלעבנדיקן דערציילערישן
עלעמענט,״, ש בּריאסקי, ד בּערגעלסאָנ אינ
שפּיגל פֿונ דער קריטיק, קיִעוו 1934. אויך:
אָ'קי ט — נר. ״דער שלאָף איז ניט בּלריז
ד אָ, פֿון וואַד־זײַן״, דר, י גלען, פֿאָר,
י

24 7 19 III.
אָפּוועזנהייט — די, ־ן. ארכ, דטשמ, נר. דאָס
ניט זיין דערבײַ. דאָס ניט בּײַזײַן. דאָס
אַוועקזײַן. דאָס אַוועקבּלײַבן. שײַנען מיט אָ, — עס
וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַז פֿעלט אויס.

..

״עשׂ כּעלי אין זײַניר אָפּוועזינהייט צו פֿאַר
וואַרין געבּין״, גה, 301. ״זויא זונשטין וואשׂ
אַן זײַנר אבּ וועזנהייט דיהנן קאַן,,, אגרת
שלמה, ט/בּ. ,,אין דיזע עטלעכע שטונדן פֿון
מײַנער אָ'״, אמד, עווגעניע, ווילנע תּר״ן. ,,די
לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטיע האָבּן געפֿונען פֿאַר
נייטיק צו שײַנען מיט זייער העדר, מיט זייער
אָ'״, בּלעטער, 23 No־24.

אָפּוועלגערן (זיך) — דזוו אָפּוואַלגערן (זיך).
טײַטשוואָרט פֿאַרן שורש 'גלל, (בּראשית, כט, 3־8־10) — אַזוי אין מ‍ I, צאינה, צור, מחזור, הומבּורג 1732, קדמ/א. אַזוי אויך בּײַם פֿאַרטײַטשן ,גל מעלי חרפּה ובוז, (תּהלים, קיט, 22) — "וועלגר אבּ פֿון מיר שנד אונ, שמאַכהייט", סהמ; ,,וועלגר אבּ פֿון מיר שאַנד אונ, שמאַכהייט", עפּש, סידור תּפֿילות II, אמ‍ט, תּק"ח, קכא/א.

אָפּוועלן — טרוו וועל אָפּ, ‍,געוועלט. (זן ~געוואָלן). אָפּקאָכן (וועגן מילך). פּד, אוקר מע זאַגט: פֿארבּריִען טיי, אָפּקאָכן קאַווע און אָ, מילך. אין ליטע בּריט מען מילך. "זיי ווילן אפּשר אָ, א בּיסל מילך פֿאַרן קינד?", בּ. דעמבּלין, צאַנקענדיק ליכט, נ"י 1958, ז, 102.

אָפּוועלן זיך
אָפּוועלן זיך — אוטרו דריטפּערזאָניק איצ, אימפּ נבּ זיך ‍.־,געוואָלט (זאַמעט — ~ געוועלט). אָפּגלוסטן זיך. מערניט וועלן. ,,— ווענסט עפּעס צובּײַסן? —־ ס'האָט זיך מיר שוין אָפּגעוואָלט". ,,—־ דו ווילסט זייער שטאַרק? — וואַרט, עס וועט זיך דיר שוין אָ'".

אָפּוועלקן — וועלק אָפּ, ~געוועלקט. אוטוו
— 1. (וועגן געוויקסן) זײַן אין פּראָצעס פֿון
אינגאַנצן פֿאַרלירן פֿרישקייט, קאָליר בײַם
וואַקסן פֿאַרוו אַנען, אָפּוויאַנען. די בלומען (די
. ׳
בלעטער) וועלן באַלד אָ'. „דאָס וואָס בליט
אויף מוז אויך אָ'". 2. (וועגן מענטשן)
פֿאַרלירן דאָס אויסזען פֿון יונגשאַפֿט און
מיטליערייקייט. פֿאַרלירן פֿיזישע און גײַסטיקע
פֿעאיקייטן. עלטערן זיך. "איז די
פֿאַרליבטקייט, צוזאַמען מיט איר ראַשן אָ, גאָר
געוואַקסן,„ ה ד וואָמבערג, 'דאָס רבישע אייניקל'.
3. (וועגן אידייען) פֿיג. „די גאַנצע שיטה
וועלקט שוין אָפּ". „די אידיי האָט שוין
אָפּגעוועלקט און האָט פֿאַרלאָרן דעם כּוח צו
פֿאַראינטערעסירן די יוגנט".
טרוו — מאַכן עס זאָל אָ'. „און דאָס יונגע
מיידל וועלקט דאָ אָפּ איר מיַ", אר, ,די יונגע
קרעמערין'.
~וועלק — "דעם מענטש אָנצויאָגן מיט
אומעט פֿון טרויעריק־נאַכטישן אָ'", ש. שנהוד,
איק, פּסח תשי"ט, 2/74. ־ונג. ־עניש.
אָפּוועגד — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּוועגדן. אָפּנייג. אָפּפֿרעג. „געבן אים אַ

נײַעם אָ, — דאָס קען מען יאָ", נאד. ס'איז
אָבער ניט קיין גאַנג, אויב דער דאָזיקער אָ,
גייט אַוועק אַזוי ווײַט", מוו איבז, ז פֿרויד,
.
אַרײַנפֿיר אין פּסיכאָאַנאַליז, ז, 155. "[די]
געשטאַלטיקונג פֿון דעם נישט־פֿאַרענדיקטן...
ווערק איז אַ היפּשער אָ, פֿון דרך...,,, שבש I,
ז, 21□.

אָפּווענדבאַר — אדי. דטשמ, נר וואָס
מע קען אָפּווענדן. אָפּווענדיק. ,,איז דאָך לאַנג
שוין דײַןווירקונג ווי אַ נישט־אָ'ער כּישוף אויף
מיר געפֿאַלן", ש. ח. קעלמאן, באגינען, 1931,
ן, □8.

אָפּווענדונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּווענדן. אָפּווײַכונג. אָפּנייגונג.
דערווידערונג. דיווערסיע. ,,בײַם מענטש־באַשאַף
איז דאָ אַן אָ, פֿונעם פֿריִערדיקן נוסח",
געטראַכט מיס עבֿרי־טיוטש, ז, 216. "קײַן שלאָף
בײַנאַכט, קיין אָ, בײַטאָג", פּמ, מלחמה I,
נ"י 1956, ז, 311. ,,וואַסער פֿון דער אָ, [פֿון
טײַכן] דאַרפֿן די אַראַבישע לענדער ניט", בצג,
טמז, 4□19 □ י20 I.

אָסווענדזלען — דזוו אָפּוויאָנדזלען.

אָפּווענדיק ־ אדי וואָס מע קען אָפּווענדן.
אַן אָ'ע מיינונג, שיטה אע. אָ, מ אַ כ ן — מאַכן
מע זאָל זיך אָפּווענדן, זיך אָפּקערן. ״עז נימט
זיא אבּ ווענדיג קאָן מאַכין״, שעכטיר, ח, 5.
,,השם יתבּרך האָבּן מיר פֿר טרויאט, דער

1782

האָט זיא גימכט אבּ ווענדיג״ [= האָט זיי
אָפּגעווענדט פֿון אונדז], מגילת ווינץ, אַמ□ט,
ת,,ח. ״ער וויל זיא אבּ ווענדיג מאַכן פֿון
גאָטשׂ דינשׂט״. עפּש, סידור תּפֿילות, אַמ□)ט
תּק״ח, הקדמה. ,,ווילן דורכויס אָ, מאַכן דאָס
כינעזישע פֿאָלק פֿון זייער אַלטער רעליגיאָן״,
יודישער פֿאָלקס־קאלענדאר תּרס״א, רעד, גרשס

באדער.
אָפּווענדלעך — אַדי. וואָס מע קען
אָפּווענדן, אָפּפֿרעגן. אָ'ער פּשט. אָ'ע אויסטײַטשונג.
־קייט.
אָפּווענדן — טרוו. ווענד אָפּ, ~געווענדט,
~געוואָנדן. 1. אָפּקערן. אַוועקקערן.
אַוועקווענדן. זיך פֿאַרשעמען און אָ, די אויגן. אָ,
דעם בליק פֿון עפּעס, פֿון עמעצן. ניט אָ, דאָס

געזיכט פֿון דער שיינער פּאַנאָראַמע. אורח
פֿאַרטײַטשט ,הסבת, (מלכים א, יח, 7): ,,האָסט
אָפּגעווענדט" [תּי: ,,קערסטו אָפּ"]. ,,ווענד דײַן
אויגן ניט אָב פֿון דעם נויט בּדרפֿטיגן,,, יוסף
מאָרשן איבּז, יהושע בּן סירק [=סירא], אמ ט
תּע,,ב. ,,איטליכר פּנים זעלט ווענדן פֿון דען
לײַטן אבּ און מעכט זיך קערן צו דער וואַנט צו,
אַז דער דין איז", לט1, כ/א. ,,ווענד נאָר אָפּ
דײַן אויג פֿון מיר — עס איבּערוועלטיקט מיך
דײַן אויג!", פּרץ, ,דאָס ליד דער לידער שלמהס,.
"זי האָט אָבּער אירע אויגן ניט געקאָנט אָ,
פֿון דער זײַט הימל", יד, אבֿן נגף. ,,אויף גאָר
דער לענג פֿון לאַנד בּיז ווײַטסטן ראַנד... ווענד
אָפּ דײַן האַנט,,, האל, מײַן אוצר, מאָסקווע
1966, ז, 108. ,,שווײַגנדיק־טעמפּ האָבּן אַלע די
צורות פֿון איר אָפּגעווענדט", מק, פּאָעמען,
ווילנע 1929, ז, 169. ,,איטע האָט ניט
אָפּגעווענדט אויף קיין איין רגע די אויגן פֿון
בּיילטשען", רחל קאָרן, ערד. אָ, די
אויפֿמערקזאַמקייט פֿון... און עפֿענען די אויגן אויף אַן
אַנדער זאַך.
2. מאַכן טראַכטן פֿילן, טאָן אַנדערש ווי
,
פֿריִער. אָפּקערן פֿון עפּעס וואָס איז נעגאַטיוו.

אָ, דעם מענטשן פֿון זינד, פֿון שלעכטע
געדאַנקען. ,,ער זעלט זיך ביפֿלײַסיגן זײַן הערץ
אבּ צו װענדן... פֿון איבּריגה אונ, אין
ניצליכה זאַכן,,, חה, אמםtט 1716, הקדמה. ,,דיזר
קיסר האָט... פֿאַר פֿאָלגיט דיא דא גלויבּן אַן
דען נוצרי אונ, האָט זיא דר פֿון אבּ גיװענט
פֿון זולכיר אמונה‘‘, ר, זלמן הענא איבּז, ר,
דוד גאַנז, צמח דוד, פֿפֿדמ תּנ‘‘ח. ,,איז דען גאָר
קײנער ניט געװען װאָס זאָל זי אָ, און איר אַ
ביסל אױסרעדן?‘‘, עט, ,דער פֿעטער פֿון
אַמעריקע'. ‘‘עס װעט אים גאָרניט שװער
אָנקומען זי פֿון איר קאַפּריז אָפּצוּװענדן‘‘, יה‘‘ל, א
די קאָלאָניסמן I, װאַרשע תר‘‘ץ, ז, 24. ,,אָ,
די געדאַנקען פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק פֿון זײַנע
נייטיקע צילן‘‘, זשיט, נ‘‘י 1917, ז, 66.
3. אָפּפֿרעגן. אָפּװאַרפֿן אַ מײנונג. אָ אַ
פֿאַלשע שיטה. אָ אַלע טענות. ,,דער פֿוילער
האַלט זיך פֿאַר קליגער פֿון זיבּן אירע װאָס
װענדן אים אָפּ‘‘, מס, משלי תּקע‘‘ד, כו, 16.
,,פֿאָטער און מוטער האַלט זיי ערלעך...

אָפּוועגדן זיך

זאָלסט ניט זיצן אויף זייער אָרט און ניט אָ,
זייערע רייד״, ספֿר היראה, 1877, אָרט? „אַז
יענער ווענדט אים אָפּ רעכט איז ער מודה״,
פּרק אָ□ות, העתּק מלשון קודש על לשון לעז
י

בּלשון צח ונקי, אוסטרהא תקע„ו. „דו זאָלסט
ויסן וואָס צו ענטפֿערן... דעם אַפּיקורס...
זאָלסט אים מיט שׂכל אָ״, הר□ י. געלבּאַרט,
ספֿר מע□ה אָ□ות, ווילנע 1880, כא. „געלערנט
נאָר פּלפּול און קונצן ווי אַזוי אַלץ
אָפּצווּוענדן„, פּרץ, 'מסירת־נפֿש'. „אין אַ וועג וואַגט
ניט קיין פֿאַרשוין עפּעס אָפֿצווּוענדן אָדער זיך
שפּאַרן מיטן בּעל־עגלה„, ספּ, גליקליכע און
אומגליקליכע, ז, 87. ״דער פּריץ... האָט
גאָרנישט געטאָן די קלאַנגען אָפּצווּוענדן״, אַש, דער
תּהילים־ייִד.

4. אָפּנייגן אין אַ זײַט. אָפּשאַפֿן. בּטל מאַכן.
אָ, די סכּנה, אַלע געפֿאַרן. אָ, דעם (גרימ)צאָרן.
אָ אַ גזירה, אַ צרה. מלל פֿאַרטײַטשט: 'לא

,
תּוכלי כּפּרה, (ישעיה, מז, 11): ״אבּ ווענדן״

[תּי: „אָפּטאָן“]. “האבּין מיר ווידר איין אַן
שטיסכן [=מכשול] גיהאַט וועלכיש המקום
ב“ה נאָך אַך מיט גנאדין אָפּ גיווענט האָט„,
גה, 267. „זוא טוט ער אים איין (התראה) אונ,
איז אים (מזהיר) דז ער זיך היטן זאָל אונ,
וואול פֿר זעהן זאָל דשׂ (שלים מזל) פֿון זיך
אבּ צו ווענדן„, עפּש, סידור תּפֿילות, אַמ□ט
תּק“ח, עג/ג. „האָבּ איך מיר גענומען גלײַך
אָפֿצוּװוענדן די סכּנה“, אמד, דיא אידען אין
וואַרשויא, ווילנע תר“ל. „זעט דאָ כעלעם אַז
דער בּורא האָט דאָ אָפּגעווענדט די גזירה“, מל,
ליטווישע מײַז'. „מיר זענען געקומען דיך,
בּעטן, דו זאָלסט אָ, □ועם אומווילן פֿון פֿאַר דעם
זון דײַנעם...“, צײַט, יעק□ פֿראַנק, ז, 55.
*עס איז ניט אָפּצוּװוענדן = אַזוי איז בּאַשערט,
עס איז פֿאַרפֿאַלן.

5. בּײַטן די ריכטונג. אָ, דעם שאָסיי, ער
זאָל ניט דורכשנײַדן דאָס שטעטל. אָ, זײַנע
כּוחות פֿון אומניצלעכע אונטערנעמונגען. „דא
הבּן זי אבּ גיווענדט דען בּאַך תּיבּרו צו אַנדרי
ערטר“, יוסיפּון, פֿיורדא 1765, ה/א. „...,
סטראַשען אַז זיי וועלן אָ, די טײַכן וואָס פֿליסן אַרײַן
אין ירדן„, בּצג, טמז, 20 1964 □I. „געקאָנט אָ,

אַפּילו אַ טייל פֿון זײַן קאָלאָסאַלער ענערגיע
פֿאַר זײַטיקע זאַכן“, גרינ, מענטשן און ווערטן,
נ"י 1953, ז, 185.
6. אַנשטאָט אָנווענדן. ור „דו האָסט
אָפּגעווענדעט אַלע דײַנע קרעפֿטן צו פֿאַרשליסן די
טויזנטער מײַלער...“, א מאָרגענשטערן, עגל
הזהב, וואַרשע 1898, ז, 84.
פּווענדן זיך — ← דפֿוו אָ, זיך פֿון וועג,
פֿון ציל וואָס מע האָט זיך געשטעלט. אָ, זיך
פֿון אַ פֿרײַנד. "דאָס האַרץ פֿון דעם פֿרומען
מאַן... ווערט זיך אָ, פֿון זײַן [דער וועלטס]
גלוסטיקייט“, חה, זשיטאָמיר 1848, ח"ב, ז,
318. „זי האָט זיך מיט אים געראַנגלט און האָט
געוואָלט זיך פֿון אים אָ'“, איבּז שפּערלינג, דיא
קאַראַימישע מיידכען, וואַרשע 1899, ז, 30.
„צוליבֿ מיר מוזן זיי זיך אָ, פֿון ציון, בּלעטער,

אָפּוועטילירן

23־24. "ענדלעך האָבּן זיי זיך צוריק
אָפּגעווענדעט פֿון פֿענצטער“, ווײַס I, ,איינער אַ
מענטש', ז, 193. „איך האָבּ מיט קנאה זיך
אָפּגעווענדט פֿון ערנסטן געלערנטן“, דא, פֿון
בּערלין בּיז סאן־ ראנציסקאָ, וואַרשע 1930,

ז, 125.
־עכץ. ־עניש — „אַ שפּאַרעניש, אַ
כאַפּעניש, אַ קריגעניש, אַ
ווידעראַנאַנדפֿרעגעניש, אַן אָ', אַ חוזק־מאַכעניש“, ממוס,
'די
אַלטע מעשׂה, —ער — „אַ פּובליציסטישער
.
אָ, פֿון פֿרעמדע אידייען„, ש ביקל, טמז,
31 ▯ 1958 III.
אָפּווענטילירן — טרוו ־ליר אָפּ, ~
ווענטי.
לירט פֿאַרענדיקן אַרײַנבּרענגען פֿרישע לופֿט,
.
וואו די לופֿט איז שטיקנדיק, האָט אין זיך עפּעס
וואָס איז שעדלעך. אָ, די קוילן־מינעס, דאָס
אָנגערייכערטע צימער. אויך מיט ז י ך.
־ונג.
אָפּוועפּן — אוטוו. וועפּ אָפּ, ~געוועפּט.
אינגאַנצן פֿאַרלירן לכתּחילהדיקע שטאַרקייט,
פֿריִערדיקן טעם, ריח. „טרינק אויס דײַן ביר,
ער וועפּט דאָך אָפּ אַז דו לאָזסט אים שטיין“.
אויך פֿיג. ”ער איז שוין אַ בן־שבֿעים און האָט
שוין אָפּגעוועפּט“. אויך מיט ז י ך.
אָפּוועצן — טרוו וועץ אָפּ, ~געוועצט.: Mhd

en□t□י. אָפּשאַרפֿן. אָפּשלײַפֿן. אָ, אַ גאָלמעסער. אָ, אַ שער.

אָפּוועצן — טרוו. ארכ. en□ :et□ 'ab: □. אָפּפֿרעסן, אָפּעסן, פֿאַרצערן, פֿאַרצוקן. בּאַר התּורה פֿאַרטײַטשט 'ילחכו, (בּמדבּר, כבּ, 4): „זיי וועלן אָפּוועצן“ [תּי. „אָפּעסן„]. טח פֿאַרטײַטשט 'כּי י□ער איש שׂדה, (שמות, כבּ, 4): „אַן ער אבּ וועצט איין ועלד“ [תּי. „וועט לאָזן אָפּעסן“]. אַזוי אויך מע)

אָפּוועקסלונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּוועקסלען (זיך). אָפּבּײַט. איבּערבּײַט. פֿאַרבּײַט. “אַן אָ, פֿאַר איינעם וואָס אַזוי זעט ער רק געבּראָכענע מענטשן„, מ. ווינטשעווסקי I, נ“י 1920, ז, 231. “די בּאַגעגעניש איז דעמאָלט געווען אַ בּאַשערטע אָ,“, בּ. רעטלער, טמז, IX 1961 2. „נאָך די אומגעהויערע נשמה־שפּאַנונג... האָט דער מוח געפֿאָדערט אָ, און פֿאַרווײַלונג“, דר, אַהרן פּרץ (פּערציקאָוויץ), דעם גורל אַנטקעגן, יאָהאַניסבּורג 1952.

אָפּוועקסלען — טרוו ־סל אָפּ, ~געוועקסלט. אָפּבּײַטן. איבּערבּײַטן פֿאַרטוישן. אָ, דעם פֿאַר.

קויפֿער אין קראָם וואָס אַרבעט שוין פֿון אינדערפֿרי. „ווּעקסל ניט אב איין נײַאן (חבֿר) קעגן איין אַלטון פֿרײַנד״, ספֿר מ⃞חר פּניניס, הומכּורג תּצ״ט, כ/א. ״איך האָב פֿיל געלט צו פֿר ווּעקסלן אונ, איך האב קיינם דער מיר עז קאַן אב ווּעקסלן״, מהמ, אמע)ט 1722, נו/ב. „פֿאַרטאָג, מע קומט אים [דעם זעלנער] אָ', מײַן סאָלדאַט מיטן גאַנצן געווער ליגט אין אַ זאַק געבונדן״, פּרץ, 'מײַנע זכרונות'. „די ביידע זיצן בײַם רבין אין צימער, אָפּגעווּעקסלט

1⃞83

בײַטאָג און בײַנאַכט״, הערצל אשפּאן, בית ישׂראל — וויזשעניצער רבי'ס הויף, סיגעט 1939. אויך מיט ז י ך.

אָפּוועקסן — טרוו ועקס אָפּ, ⃞י.,געוועקסט. פּפּ ~וואַקסן. אָפּשמירן מיט וואַקס אָדער מיט עפּעס וואָס איז ענלעך אויף וואַקס. אָ, די פּאָדלאָגע.

אָפּווער — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּווערן (זיך). אָפּשטויס. אָפּשלאָג פֿון אַן אָנגריף. דער יִדישער אָ'. גײַסטיקער אָ.. אַ

תּיכּפֿדיקער אָ'. אָ'־אַרטיקל. אָ'־מיטל. "אין דעם אָ, קעגן [אַרבעטער־קלאַס] האָט די אָנפֿירנדיקע ראָלע שוין פֿון לאַנג איבערגענומען דער גרויסקאַפּיטאַל", דוד רויכל איבּז, רודאָלף הילפֿערדינג, פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל, ווילנע. „האָט אין קאַרפֿאַטאָרוס שוין עקזיסטירט אַ ציוניסטישע אָרגאַניIאַציע וואָס האָט אָנגעפֿירט אַן עקשנותדיקן

אָ, —... קאַמף קעגן דעם מונקאַטשער רבין", ש. י. הארענדאָרף, טעאַטער־קאַראַוואַנען, לאָנדאָן l955. „די עצם אַרבעט מאַכט מיד דעם קערפּער און שוואַכט אָפּ... זײַן אָ,־פֿעאיקייט,„ פֿגעז, פּאַריז 9 194' No.

אָפּווערבּירן — טרוו. ־בּיר אָפּ. ~(גע) ווערבּירט. פֿאַרענדיקן ווערבּירן. אָ, פֿרײַ־וויליקע. —ונג.

אָפּווערגן — טרוו. ווערג אָפּ, ~געוואָרגן. פּפֿ ־,וואַרגן ..). באר התּורה, באר משה פֿאַרטײַטשט 'ומלק את ראשו, (ויקרא, א, l5): „און ער זאָל אָ, זײַן קאָפּ". „דעם קראָפּ פֿון (עולת העוף)... זאָל דר כּהן אַוועק וואַרפֿן און זאָל עשׂ אָפּ ווערגן מיט זײַנע נעגל", מחזור... ,

הומבורג 1721, קצט/ב. „דער כהן זאָל אָ, מיט
זײַנע נעגל די קאָפּ פֿון חטאת העוף“, הר
שבתי כהן, פּועל צדק, ווילנע 1837. „
צעשמעטערן די גלידער, אָ, דעם קאָפּ, פּלעטן דעם
מוח — דאָס זײַנען זאַלץ און געווירצן, מיט
וועלכע עס זענען דורכגענומען אַריהס
שמועסן“, משה טײַטש איבּז, ח. נ. בּיאַליק, אַריה
בּעל־גוף. ־עניש.

אָפּוווערזען — טרוו ־זע אָפּ, י,„געווערזעט.

.

1. בּאַשמוצן מיט מייקעכץ (אויך מיט צוֹאה).
אָ, פֿון קאָפּ בּיז די פֿיס. „אַ ניט־גוטקייט איז
אים בּאַפֿאַלן, און ער האָט זיך מיטן קאָפּ אין
דער מצבֿה אָנגעשפּאַרט... ער האָט גלײַך אויף
דער מצבֿה אַ בּראָך געטאָן און זי פֿון אויבּן
בּיז אַראָפּ אָפּגעווערזעט“, נם, די מישפּאָכע
מאשבּער, מאָסקווע 1939. 2. מיאוס אָפּנאַרן.
־עניש.

אָפּווערט(יק)ונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּווערט(יק)ן. דאָס בּטל מאַכן
ווערטן. „די מאָראַלישע פֿאַרניכטונג, די
אָפּווערטונג פֿון אַלע ווערטן שרײַט אַרויס פֿון...
בּוך“, מ.ליטווין, גק, No 44, ז, 114.

אָפּווערט(יק)ן — טרוו. ווערט(יק) אָפּ, ..,
געווערט(יקט). דזוו אַנטווערטיקן. 1.
פֿאַרקלענערן, רעדוצירן דעם פּרײַז, דעם ווערט בײַם
קויפֿן־פֿאַרקויפֿן. אָ, די וואַלוטע. אָ, די

אַרטיקאָפּווערן

לען פֿון כּלערליי שטאָמן. 2. פֿאַרמינערן,
פֿאַרקלענערן אָדער אינגאַנצן אָפּוואַרפֿן אַ
גײַסטיקן ווערט. אָ, די עשׂרת־הדיברות און זיך
פֿאַרלאָזן אויפֿן כּוח פֿון פֿויסט. „דא האָבן אלי
די יהודים די זאַכן [בּשייכות מיט אַ משיח]
אָבּ געוורט און, האָבּן זיא בּוויזן דשׂ עשׂ אייטל
נאַרהייט איז“, שאַר, סז.
אָפּווערטלען זיך — אוטוו ־טל זיך אָפּ,
~געווערטלט. אַרויסדרייען זיך פֿון אַן
אומבּאַקוועמער סיטואַציע מיט אַ ווערטל.
אָפּקומען מיט אַ ווערטל אַנשטאָט אַ זאַכלעכן
ענטפֿער. אויף ווערטל, אויף אַ שטאָך ענטפֿערן
מיט אַ ווערטל. „ווער, וואו און ווען מע פֿלעגט
אים בּאַגעגענען, פֿלעגט מען אים אָנרוקן דאָס
היטל איבּער די אויגן, שנעלן אין נאָז אָדער
אַנדערש עפּעס אָפּטאָן, און ער איז קיינמאָל
אויף קיינעם ניט בּרוגז געוואָרן, פֿלעגט זיך אָ„

צוריק אָפּטאָן — קוויט,,, נס, די מישפּאַכע
מאשבער, מאָסקווע 1939. ־עניש.
אָפּווערן — טרוו. ווער אָפּ, ~געווערט. 1.
אָפּנייגן. אָפּקערן. אָפּווענדן. אָ, עמעצן פֿון עפּעס.
„זיא האבן אונש פֿאַר גימאלט, מיר מוזן דעם
פֿאָלק אָפּ ווערן“, ווינץ. „און, זעלשׂט זײַן
[דעם יצר־הרעס] פֿײַלן פֿון די אבֿ וועהרן“,
חה, אמשט 1716, צבֿ/בֿ. „גאָט זאָל דײַן שמערץ
פֿון דיר אָ'“, מכירת יוסף שפּיל, לעמבערג
1870. „איז גאָר קײנער ניטאָ ווער ס'זאָל די
חיה־רעה אָ, פֿון פֿאַרצוקונג?“, אַש, משה. „זוך
אין פֿאַרענטפֿערונג — שולד אָפּצוּווערן. ליגט
גראָד דאָס וואָרט איצט פֿאַרשטומט ערגעצוואו“,
הל, אין טרעבלינקע....
2 פֿאַרמײַדן. אויסמײַדן. ניט דערלאָזן. אָ,
.
אַ קריגערײַ, אַ מחלוקת. „דיא לײַט... פֿרייליך
צו מאַכין קאַן מיר נימץ מיט רעכט אָפּ ווערין,,,
צוכט. „לאָז דײַן קול ניט פֿר מאַנשׂפּאַרשון
הערין און, דײַן האַר צו זעהן לאָז דיר אָפּ
ווערין“, ה II, פֿיורדא תפ“ז, טו. „דאָ צאַנקט
זיך דר ווידר מיט די ווירטן. דאָ הבֿ איך
וועלן אָ'. דאָ שלאָגט מיר דר ווירט מיט די
ווירטן איין גרושׂן וואונד,,, קה, פֿיורדא 1743,

כה/בּ.

3. וואָר(ע)נען. שטראָפֿן, אָפּהאַלטן פֿון טאָן עפּעס וואָס איז שלעכט. אָ, עמעצן פֿון אַ פֿאַרבּרע־. ,,וועלכר איין רשע... ניט אָבּ ווערט פֿון זײַני בּיזי מעשׂים... דער דר צירנט גאָט,,, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, פֿפֿדמ, תּמ״ה? כג/א. ,,(אַבֿנר) איז אום זיין חיות קומן, ווײַל ער האָט (שאול) זעלן אָבּ ווערן... אונ, ער האָט עשׂ ניט גטאָן“, מהמ, אַמ▯ט 1772, יבּ/א. ,,ווילשׂטו דײַן חבֿר פֿון איין עבֿירה אָפּ ווערן, מאָגשׂטו אים איין שווערט אַנטקעגן שטעהלן“, עיון, מה/בּ. ,,אויפֿן בּית־עולם האָבּן זיי [די קינדער] געננג פּלאַץ געהאַט זיך צו שפּילן... שפּרינגען און זיך נאָכיאָגן, און ווער האָט זיי געקענט אָ, דערפֿון?,,, אפֿ״ד, דיא צוריקגעקאָמענע ליעבּע, ווילנע 1894.

4 פֿאַרטיידיקן. אָפּראַטעווען. אָ, עמעצן פֿון

.

אַ בּלבּול, פֿון אַ סכנה. ,,די צדקה איז אַזוי

אָפּווערן זיך

גרויס, זי קען דעם מענטש פֿונעם טויט אָ'“,

דער קרימער מאַרשעליק.. , לעמבּערג 1875,

ז, 28. „מיט דעם אָ, האָט זי אומגערן יענע
קאַווע אויסגעקערט“, גענאַרטע וועלט [?1815],
ז, 64. “חבֿרה קונדייסים האָבּן שוין חשק
געהאַט אים מכבּד צו זײַן מיט אַ צונאָמען,
אָבער זײַנע געוועזענע תּלמידים האָבן אויס
רחמנות אים אָפּגעווערט“, ד י זילבערבוש,
שטרעכאלעך . , ווין 1916, ז, 149. “קיווקע
האָט אַ יאָר שפּעטער אַוועקגעגעבן זײַן לעבן,
אָ'דיק איינער אַליין דאָס שטעטל פֿון אַ
פּאָגראָם“, שבֿש I, ז, 254.
אָפּווערן זיך — ← דפֿוו 1 פֿאַרטיידיקן

זיך. אָפּראַטעווען זיך. זיך אַנטקעגנשטעלן. אָ,
זיך פֿון אַלע סכּנות. „זיי האָבן געזען אַז זיי
קענען זיך שוין ניט אָ', זײַנען זיי אַנטלאָפֿן
געוואַרן אויס דעם חזקת אַרויס“, חייקל הלוי
הורוויץ. צפֿנת פענח, באַרדיטשעוו 1817.
„גאָט האָט באַשאפֿן הערנער צו די בהמות וואָס
טהור זענען, אַז זיך קענען אָ, פֿון די חיות
וואָס ווילן זיי פֿאַרצוקן,„ ספֿר חסידים, תּק“ז?
סימן קנה. „און מיט דעם ביסל ווערט ער זיך
אַפּ פֿון זײַנע פֿײַנד“, א ג , דער פּראָצעס. ,
וואַרשע 1885, ז, 13.
2. אָפּקערן זיך. אָפּווענדן זיך. אָפּהאַלטן זיך.

איַינהאַלטן זיך. זיך אָ, פֿון עמעצן. „אַך טונין זיא די כערט בוצין [=פֿוצן] און, שערין, נעמן רעכט ריבּית און, לוזין זיך ניט אָפּוועריןײ, ה II פֿיורדא תּפּ״ז, יז/ב. „אַלס איך בין אַריַין

,

אין דעם בּית־מדרש... איך האָבּ מיך קוים געקענט פֿין לאַכן אָ'״, אמד, דיא שטאָט הרס, ווילנע 1868. „מיט וואָס פֿאַר כּלי־זין זאָל ער זיַין אויסגעלערנט אָ, זיך פֿון צו זיַין אַ רע לבֿ, אַ רע עין״, מש„ש מפּאָניעוויעז, ווילנע 1882, ז, מן.

3. אַרויסדרייען זיך. „ווען מע טרעפֿט אָן א גנבֿ בּיַי דעם לאָך — זאָל ער זיך קאָנען מיט דעם אָ', וויַיל ער שפּילט אויף אַ פֿידל?״, א פּאוויר, גדולת יוסף, ב, יוזעפֿאָוו תּקצ״ח, יג/ב. „אייגענע קרובֿים האַלט ער מערניט אין מויל פֿאַר אַן אויסרייד אָפּצוּפּווערן זיך פֿון פֿרעמדע״, י מ אלפּעראָוויץ, דיא וועלט מלחמה, ווילנע 1905, ז, 5 .

־ונג. ־עניש — ״אָ, פֿון זעלבּסטדערהאלט״, מ גראָסמאַן, היימיש, אָקט, 1961.
־ער — „האָט די פּאָליציי בּאקומען פּאנצערס, וואָס בּאַשטייען פֿון אַ בּרוסט־שוצער, אַן אַ, און אַ העלעם״, נ. קאבּאקאָוו איבּז, ל.

אַקאָווי

לעוו, מײַרעוו—ווײַסרוסלאַנד, מינסק 1931.

אָפּוועשן — דזוו אָפּוואַשן (←). ארכ. "מיט דיא הנט און וואַרם וואַשֿר אָפּ גיוועשן אונ, מיט איין טרוקן טוך אָפּ גיווישט", ש פֿראַנקפֿורט, ספֿר החיים II, קייטן תּע,,ז, לבֿ. ,,... דא זיא זיך דען וואָהל אָבּ וועשן אונ, אָבּ באָדן לאָזן קענן", מראות הצו אות, וואַנזבעק תּע,,ח.

אָפּוואָזשען — ← אָפּוו(אָ)ראָזשען.

אָפּוזשניע ן — טרוו ־ניע, אַפּוזשניעט.

 nia ק[o: <. אָפּהאַלטן פֿאַרשלעפּן. פֿאַר,

1784

ציִען. אָפּלייגן. ,,דער סטאַראָסטע האַלט בײַ זיך די פּאַפּירן און אָטפּֿוזשנעט דעם גאַנצן ענין".

אויך מיט ז י ך — פֿאַרשפּעטיקן. אָ'ניע — די, ־ס — פֿאַרשפּעטיקונג.

אַפּוטרופּוס — ← אַפּיטרופּוס.

אַפּוי(קע) — די, ־ס. סל פּעלכל פֿון אַ קעלבל. שיך פֿון אַ'.

אָפּו'כל אַק — דער, ־עס. 1ak [o: ..

י

סל. אָנגעשוואָלענער (פֿון הונגער, פֿון א
קראַנקייט).

אָפּולע'נט — אדי <איי <ל וואָס איז מיט
שפֿע. אָ'ער פֿאַרמער. אָ'ע בּרעגן פֿון דער
אָזערע. אָ

אַפּונטאַד אָר — דער, ־ס. שפּא. ־ :al u]

a(lor . ווער עס גיט אַכטונג. פֿירזאָגער,
בּאַזאָרגער. פֿאַרוואַלטער. ,,דער אַ, האָט עס
פֿאַרגעסן צו בּאַזאָרגן". אין טעאַטער־לשון:
סופֿליאָר. אַ'ע — די, ־ס. אָנמערקונג.
אָנצייכענונג. אָנווײַז. ־ירן — אויך: טרעפֿן אין
ציל.

אָפּוס — דער, ־ן. <ל 1. מוזיקאַלי אָ
שע

קאָמפּאָזיציע, ספּעצ אַזאַ וואָס האָט ניט קיין
ספּעציעלן נאָמען, נאָר ווערט נומערירט 1, 2, 3
אאזוו 2. זן. יעדער מין ליטעראַריש ווערק.
אָ, פּאָסטהומוס — אָ,, אַרויסגעגעבּן נאָכן
טויט פֿון קאָמפּאָזיטאָר, פֿון מחבּר.

אָפּוסט — דער, ־ן.: . < :o] u <

on e'r. שליוז אַרויסצולאָזן די צו הויכע
אָנגעזאַמלטע וואַסערן אין אָזערעס, סטאַוון, אויך

אין טײַכן. "געבליבן שטיין... בײַם אָ,, וואָס
לעבן דער שטייענדיקער מיל", בערג,
געקליבענע ווערק III, ווילנע 1929, ז. 136.

אַפּועסטע — די, ־ס. שפּא a ues ק[a: ,<.
געדועט. מאַכן אַ'ס און שטענדיק פֿאַרלירן.

אָסוקלינע — די, ־ס. k1ina .o]: ..
אויסהוילונג אין אַ בוים ווי אַ רעזולטאַט פֿון פֿוילן.
אַן אָ, מיט שוואָמען.

אָפּושקע 1 — די, ־ס. us ka .o]: <. (
שוסטערײַ) שנײַדקאַם. געניצט צו שיצן די
אייבערלעדער בײַם אַרומשנײַדן די זויל. די ליניע פֿון
שנײַדקאַם אַ ביסל ענלעך אויף דער ליניע פֿרן
ווייכן אייבערשטן טייל פֿון גראָבן פֿינגער.

אָסושקע 11 — די, ־ס, רוסיצ. ראַנד, ברעג
פֿון וואַלד, וואו די ביימער זײַנען שוין אַ סך
שיטערער ווי אין וואַלד. געוויינלעך מיט קוסטעס
אַנשטאָט ביימער.

אַפּותיקי — [אפּוי'טיקע] די. מצ ־קאות
[אַפּויטיקעס]. ־ס. פּפּ: אַפּותיקא. <גיטין,
ד, ד. היפּאָטעק. [תלמודישער ט'. שריפֿטלעכע
התחײַבות מצד דעם לווה, טאָמער צאָלט ער
ניט אָפּ דעם חוב, זײַנען זײַנע נכסים צו דער
דיס אָזיציע פֿון מלווה]. געניצט מיטן ב: אַ סך

געלט, גרויסער סכום, פֿאַרמעגן. אַן אמתע
(היפּשע, שייגע) אַ'. די רעכטע אַ'. (אַרײַנ)כאַפּן

אָפּזאָגן

אַן אַ'. מאַכן אַן אַ'. פֿאַרדינען (איבערלאָזן, אָפּשפּאָרן) אַן אַ'. אַן אַ, מיט געלט. „מיר האָבן אים פֿאָרגעשלאָגן... ער זאָל אונדז געבן זײַנע פֿערד... און מיר וועלן שוין מאַכן אַ שיינע אַ„„ ש הויכבוים, א יוד, אַדעס 1869. “ער גייט שוין ניט... אין בית־המדרש, מסתּמא האָט ער באַקומען אַ היפּשע אַ,“, ג ח. לעוונער, דער אמתער פֿעטער, ווילנע 1897. “מיר דערוואַרטן פֿון אײַך אַן אַ', אַזוי אַ פֿאָר טויזנטער“, יעק▯ גאָרדין, מירעלע אפֿרת „ווער עס איז געוועזן אַ קבצן איז געבליבן אַ קבצן, און ווער עס האָט געהאַט אַן אַ, — האָט ווידער געמאַכט געלט“, ייִז... אשכּנזי, ז, 518.

פּזאָג — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּזאָגן. אָ, פֿון אַ בקשה. אָ, פֿון אַ פּאָסטן. אָ, פֿון אַ ירושה. “כ'וויל אָ, פֿון לעבן“, סעג, קאַפּריזן, וואַרשע 1921. “אָ, פֿון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן“, ח שווארצמאן, די קהילה און די ציוניסטן, ווילנע תּרע“ט. “באַלד אַן אָ', באַלד

אַ צוזאָג״, יהואַש, ,וועגוס און שולמית׳. אָ'־
בריוו — פּב 1585 [הש III]. אָ'־געלט.
פזאָגן — טרוו זאָג אָפּ, ~געזאָגט. 1. זאָגן
אַלצדינג. זאָגן ביזן סוף פֿאַרענדיקן זאָגן. אָ,

·

שמונה־עשׂרה. אָ, די הגדה. אָ, תּהילים. אָ, אַ
מזמור. אָ אַ סליחה. אָ, דעם גאַנצן מאמר. אָ,

,

די פּיוטים. אָ, עמעצן אַלע זײַנע שבֿחים. אָ,
עפּעס אין איין אָטעם. אָ, דאָס לעצטע וואָרט.
אָ, (רבנן־)קדיש = האַלטן אַז עס איז שוין

פֿאַרלאָרן, שוין אָנגעוואָרן. ״אַ פּסוק, אַ פּסוק,
איך זאָג דיר אָפּ אַ פּסוק, אַז איך בין מיט דיר
בר גז״, פֿל. ״לעבן אַ לעבן מיט אַ מאַן איז
נישט אָ אַ בלאַט גמרא,,, שוו ,,מע זאָל ניט

,

אָנצינדן אַ ליכט מוצאי־שבת ביז דער עולם
זאָגט אָפּ 'ויהי נועם ואַתּה קדוש'״, דרך
הישרים, [קעניגסבערג] 1857. ,,מע טאָר ניט
אָפּלייגן די תּפֿילין ביז מע זאָגט אָפּ גאַנץ
'ובֿא לציון',,, חא, ט/א. ״אָפּזאָגנדיק דעם געזינד
'גוט שבת,, לעבעדיק, פֿריילעך, נעמט זיך
סענדערל באַגריסן די געסט, די הייליקע

מלאָכים,,, ממוס, ,שבת'. ,,אָפּגעזאָגט ברכות, פֿלעג
איך זיך מיר אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר'', אנכי,
'לאה'. ,,דעם לעצטן קדיש אָפּגעזאָגט, מען
שליסט שוין דעם בית־עולם'', יהואַש, 'נאָך
דער לוויה'.

2. זאָגן אַ סך. רעדן אַ סך. אָ, איר
מענהלשון און פֿאַרדרייען אַ קאָפּ. ,,אינאײנעם מיט
די חבֿרים פֿלעגן מיר פֿון אַזעלכע קלייניקייטן
אַמאָל גאָר חוזק מאַכן, אָ'... גלײַכווערטלעך'',
ממוט, הבהמות ,,זאָג מיר, מוטער, דעם אמת,
פֿאַר וועלכן רופֿט מען מיר זודאַק, זי זאָגט אים
אָפּ אַ פּזמון'', מעשׂה פֿון א ר , זשיטאָמיר
.18 4

3. אַרויסזאָגן, אַרויסברענגען פֿון מויל.
''אָפּגעזאָגט איז פֿאַרפֿאַלן'', שוו. ''דאָס וואָרט
דאַרף טײַער זײַן איידער מע זאָגט עס אַרויס,
וואָרן אַז מע האָט שוין אָפּגעזאָגט קאָן מען
דאָס וואָרט נישט צוריקנעמען'', מדרש ע tדרת
הדברות, לעמבערג 1862. ,,און דו קומסט און

אָפּזאָגן זיר

זאָגסט אָפּ אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין מזל!'',

י מ אַלפּעראָוויטש, די וועלט־מלחמה, ווילנע 1905. ״חנה האָט וויַטער בײַ יעדער מאָלצײַט אָפּגעזאָגט איר שפּרוך״, ש האָראַנטשרק, 'גאָטס משפּט,.

4. איבערזאָגן, איבערגעבן רייד. פֿאַרמסרן. אָפּדערציילן, אָפּטראָגן רייד. ״זענען זיי געגאַנגען און האָבן אָפּגעזאָגט דעם מכשף אַז זיי לאָקערן אויף אים, כּדי ער זאָל זיך היטן״, נחב, 'מעשׂה מחכם'. ״ער קומט נאָר עפּעס צו זען פֿון אונדז און אונדזער פֿאָטער אָפּצוזאָגן״, א פּאוויר, גדולת יוסף, יוזעפֿאָוו 1838. ,,פֿרויען זענען געקומען אָ, רבֿקהלען אַז קאָפּל נאַרט זי אָפּ,,, באַש, פֿאָר, 8 1961 XII. אָ, אַ מזמור (סליחה, פּזמון) = מסרן, אויסקלערן אַ בלבול. איבל אָ, — רעדן שלעכטס וועגן עמעצן.

5. זאָגן כּדי יוצא צו זײַן, פּטור צו ווערן. אויף גיך אָ, דאָס גאַנצע דאַוונען. ער האָט זײַנס אָפּגעזאָגט. ,,איז מען געפֿאַלן אויף אַזאַ עצה, בכן מע זאָל עס אָ, שטיל צווישן די ציין״, ממוס, ,שירה'.

6. ניט אַנטקעגנקומען, ניט אָננעמען עפּעס, זאָגן ניין. ניט האַלטן פֿון עפּעס. אָ אַ בקשה.

אָ, א טובֿה. ניט האָבן ס'געהײַ אָפּצוזאָגן. אָ,

ווי טויטן = אינגאַנצן, ענדגילטיק אָ'. ,,ייִדישע
טאָכסער, פֿאַרליר ניט דעם קאָפּ, אַז אַ גוי
פֿאַרליבּט זיך, זאָג אים אָפּ“, שוו ,,זאָל איך
דער אמונה אינגאַנצן אָ, ווײַל זי לאָזט דעם
שׂכל גאָר ניט קיין מנוחה?“, עט, לידער,
ווילנע 1925. ,,דאַרף אײַער גוט האַרץ איס עס
ניט אָ, און אים טאָן דעם געפֿאַלן, זיך צו לאָזן
אים ערקענען צו געבּן“, ליאָנדאָר, נײַער בּש,
ווילנע l844. ,,מען דאַרף אים [דעם קינד]
אָפּט אָ, פֿון זײַן בּאַגער, אַפֿילו דאַמאָלס ווען
זיי קאָנען אים ניט מאַכן קיין שום שאָדן“,
מלכּה בּערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע
836□ . ,,דערצו וואַר מיר זייער בּיטער אָפֿצוזאָגן
אים די ערשטע בּקשה זײַנע“, אמד, דער גואל,
ווילנע l866. ,,אָ, האָבּ איך ניט געקענט, איך
בּין בּײַ אים געוועזן אין האַנט“, אלצ, תּוכחת
חיים, ווילנע 1865. ,,אָ, זאָגט ער ניט אָפּ, נאָר
ער הייסט קומען מאָרגן, איבּערמאָרגן“, שע,
לכּ□וד יום—טובֿ “ער האָט זײַן טאָכטער ניט
געקענט אָ, און איז בּאַשטאַנען אויפֿן שידוך,,,
ספּ, סודות. ,,פּאָלעמישע קריטיק... האָט אויך
מעלות און בּײַ געוויסע אומשטאַנדן קאָן זיך
פֿון איר ניט אָ'... אַפֿילו דער וואָס בּטבֿע
זוכט ער ווערטן, נישט אומווערטן“, שנ, קריטיק

און קריטיקער
7. הייסן עמעצן גיין, אַוועקשיקן פֿון אַן
אַרבעט, אָפּשאַפֿן. אָ, פֿון אַ שטעל. אָ, פֿון דער
פּאַכט, אַרענדע, סלוזשבע. אָ, פֿון פּאָסטן, פֿון
אַ דירה. „אַ רבֿ איז גוט אָפּצוקלויבן, אָבער ניט
אָפּצוזאָגן“, שוו „און אויב וואויל ער האָט
מיר פֿון טאָכטערס אָפּגעזאָגט, וועל איך אים
דאָך ניט אַ, פֿון טאַטערײַ“, אמד, ספּורי מוסר,
1875. „איז געבליבן מע זאָל אים אָ, פֿון דער
מלוכה און מע זאָל אים פֿארטרײַבן“, נחב,
'מעשׂה ממלך וקיסר'. „מען האָט אים אָפּגעזאָגט

1785

די 'טעג, און כדי צו ערהאַלטן דאָס לעבן, האָט
עפּ ם גענומען באַשעפֿטיקן זיך מיט לערערײַ“,
י גוידאָ, דער סאָוועסט איז פֿערפֿאללען, ווילנע
1894. „אַפֿילו דער פּרעזידענט פֿון דער
רעפּובליק איז ניט קיין בעל־הבית איבערן פֿאָלק,
נאָר אַ דינער פֿון פֿאָלק, ווען מע שטעלט אָן
און מע זאָגט אָפּ“, בצג, טמז, 4 XI l964.
אָ, פֿון ט י ש = אויפֿהערן אויסצוהאַלטן.

„פּוילן וועט אונדז צונעמען ווי אירע ברידער

און וועט אונדז ניט אָ, פֿון טיש בשעת זי וועט
מאַכן דעם גרויסן באַל (מאָלציַיט)", אמד, די
יודען אין ווארש וי, ווילנע 1869. אָ, אַ
פ ל ע ט = ניט אָננעמען צו געבן עסן אַן
אָרעמאַן וואָס קהל האָט אים געשיקט. אָ אַ

,

ט אָ ג = ניט אָננעמען צו געבן עסן אַ
ישיבֿהבחור וואָס קהל האָט אים געשיקט. ,,... טוט
אונז קינר אָב זאָגין, ווען מיר אונזרי
רעקמדציאָן אָב טראָגין,,, ,בחורים ליד', פּפֿדמ
1750 [יובל XIII].

8. איבערלאָזן ירושה. אָפּשרייַבן אין דער
צוואָה. אָ, ירושה. אָ, אין דער צוואַה. אָ, און
בלייַבן לעבן. ,,דו מיינסט אפֿשר דאָס, וואָס
ער האָט אויף דער מומען דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן
אָפּגעזאָגט?", עט, סערקעלע, ווילנע 1925.
,,דער וואָס מאַכט די צוואָה קאָן דירעקט אַנוויַזן
די פּערזאָנען וועמען ער וויל אָ, זיַין
אייגנטום", ב האלפּערן, א האַנט בוך פֿון א
פֿאָלקסבאנק, ווילנע 1922.

9. איבערלאָזן, אָפּשרייַבן פֿאַר אַ קהלשן,
פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכן צוועק. אָ, אויף ייִדישע
אַנשטאַלטן. ,,און נאָך אָ, עולמות־געלט אויף די
חבֿרות, אין וועלכע עס איז געוויס אַ מצווה...,,,

צ ה האָרנשטיין, זלידניעפּקער לעבענדע
פֿאָטאָגראַפֿיע, באַרדיטשעוו 18□1. “אויף געבן תּיכּף
[צדקה] האָט ער דאָך קיין שליטה ניט, אויפֿן
גוטן אופֿן זאָגט ער אָפּ פֿאַרן שטאַרבן“, פלאי,
המדבר בצדקה, וואַרשע 1892. „געוויס האָט
ר, לייזער אַ צוואָה געלאָזן און אָפּגעזאָגט אַן
אייגנס אויף צדקה“, יד, א□ן נגף „שטאַרבט,
ייִדן, און זאָגט אָפּ עולמות־געלט!„, ממוס,
טאַקסע “און נאָך הונדערט יאָר, אויב מעגלעך,
וועל איך עס [דאָס רײַכקייט] געוויס אָ, אויף
ייִדישע אַנשטאַלטן“, ש ג הרכ□י, די געליהענע
האַק, באָסטאָן 1911.

1O. ניט געבן, ניט דערלאָזן קיין האָפֿענונג.
אָ, דאָס לעבן. דער דאָקטער האָט אים שוין
אָפּגעזאָגט. „שוין אָפֿגעזאָגט דער דאָקטער
האָט דאָס לעבן און וואָס ער האָט געמוזט איז
שוין געשען„, הל, 'נאָך אַלעמען'.

11. שטאַרבן. ער האָט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט
= שוין געשטאַרבן. געניצט אין די אויסדרוקן:
אָ, דעם פּ ס ו ק , אָ, די צען גיל(ד)ן. אָ, די
פּאָר (די לעצטע) גילדן = א) שטאַרבן; ב)
האַלטן ביים שטאַרבן; ג) אָפּגעבן דאָס לעצטע
ביסל געזונט צוליב עפּעס (לאָקל, קיִעווער

אומגעגנט). אָ, די ספּאָדקעס (אומאיידל). אָ, דעם
מ ת פֿון דער וועלט — אָנזאָגן דעם מת אַז
ער געהער שוין ניט צו דער וועלט פֿון די
לעבֿעדיקע.

אָפּזאָטלען

12. אריך אין אויסדרוקן: אָ, דעם פּ ס ו ק
[מדטן וואָרט ישקני] = א) מע רעכנט זיך ניט
מיט יענעם; בֿ) מע זעצט אָן; אָ, ז ײַ ן פֿסוק
= אַרויסבֿרענגען אַן אידיי־פֿיקס, זײַן
שטענדיקן שטאַנדפּונקט; אָ, זײַן פּ ז מ ו ן — דז; אָ,
ווידוי = זיך געזעגענען מיטן לעבֿן. אָ, הכּל
יודוך = אָנקלאָגן צום ונתנה תּוקף. אָ, אַ האַנט
מיט אַ פֿוס = טאָן יענעם שלעכטס (גאַליציע).
אָפּזאָגן זיך — ← דפֿוו. 1. ניט וועלן
אָננעמען עפּעס, אויסמײַדן. אָ, זיך פֿון משקה,
פֿון עולם־הזה, פֿון מענטשן, פֿון אַ נײַער
מאָדע, פֿון אַ נסיעה, פֿון אידעאַלן פֿון גאַנצן

,

עסק. אָ, זיך אָנצוקניפּן דיפּלאָמאַטישע
בֿאַציאונגען. „אַפֿילו אויף דעם פֿינצטערן טויט זאָג
איך אויך ניט אָפּ", פֿל "פֿון אַ גלעזל בראָנפֿן
און אַ שמעק טאַבֿעק טאָר מען זיך נישט אָ'„,
שוו „פֿון אַ מרחץ זאָגט זיך אַ ייִד קיינמאָל ניט

אָפּ", ממוס, מסעות. „אָ, זיך פֿון די פֿאַרגעניגנס פֿון דער וועלט", אַש, תּהילים ייִד „צוליבֿ קדושה אָדער עטישער דערהויבֿנקייט איז ניט נייטיק אָ, זיך פֿון קונסט", שנ, קריטיק און קריטיקער, בֿוענאָס־אײַרעס 1959.

2. רעזיגנירן, אויפֿגעבֿן, צוריקציִען זיך. אָ, זיך פֿון טראָן, פֿון דער אַרבֿעט, פֿון אַ שטעל, פֿון שחיטה, פֿון רבֿנות, פֿון פּראָטעקציע, פֿון אונטערשטיצונג. אָ, זיך פֿון אַרבֿעטן, פֿון פּסקענען שאלות. אָ, זיך פֿון גאָרנישט. „גיי טראָג אויף זיך יענע לײַט, אַז ס'איז ניטאָ... קיין פֿיס, אַז זיי זאָגן דיר אַפּ צו דינען", ממוס, 'ספֿר הבֿהמות'. „סוף־כּל־סרף האָבֿ איך מיך פֿולשטענדיק אָפּגעזאָגט פֿון דעם ראָזיקן אומפֿרוכפֿערן וועג", נפּ, יופֿא, 1 1939, No. „ פֿעליקס איז געווען מיד נאָך דער וואַכנאַכט. די פֿיס האַבֿן זיך אָפּגעזאַגט פֿון אַ ווײַסערן טראָט,„ בֿ דעמבֿלין, צוויי און אַ דריטער, נ"י 1943.

3. אַרויסזאָגן, אַרויסבֿרענגען סתּם אַזוי, אָן אַ טיף געפֿיל. „עס זאָגט זיך אים אָפּ — זיך אונטערגעבֿן". "דו זאָגסט זיך אַזוי אָפּ — וועט מען פֿאָרן צוריק אַהיים". „מע זאָגט זיך עס גאַנץ לײַכט אָפּ, די וועלט איז אַן 'אין־סוף',„

שמואל הירשבערג איבז, ע. דעננערט, יהיI,
לאָדז 1923.
־ונג. ־עכ ן. ־עניש — ,,פֿלעגט אַמאָל
עמעצער אָנהייבן מיט אָפֿזאָגענישן און
מסירות,,, באש, דער טן אין גאָרײַ ־ער (ין,
־קע). ־ערײַ.
אָסזאָט — דער, ־ן. פּפּ אָפּזיד. אַקט אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּזידן, אָפֿזאָטן. דאָס וואָס
בלײַבט אויפֿן דעק, אויפֿן דנאָ נאָכן אָפּזידן,
אויפֿקאָכן. אַן אָ, נאָכן אויפֿקאָכן אומריין
וואַסער. אַן אָ, פֿון קאַווע. ,,זייער געפֿערלעך איז
דער אָ, פֿון אומרײַפֿע מאָן־קעפּ, דיזן אָ, גיבן
געווײנלעך אַמען די קליינע קינדער אום זיי
זאָלן בעסער שלאָפֿון“, ווי דאַרף א מענש פֿער—
היטען זײַן געזונד, וואַרשע [אָר?].
אָפּזאָטלען — טרוו ־טל אָפּ, ~געזאָטלט.
אָפּבינדן, אַראָפּנעמען דעם זאָטל. אָ, די פֿערד.

אָפּזאָטן
אָפּזאָטן — טרוו זאָט אָפּ, ~געזאָט. 1.
אויפֿקאָכן, איבערקאָכן ביז עס הייבט אָן צו זידן,
ביז עס ווערט פֿאַרטיק. אָ, שפּײַזן. אָ,
קאַרטאָפֿל. 2. אָפּברִיען. אָ, די האַנט מיט אָקרעפּ.

אויך מיט ז י ך.
אָפּזאַלבן — טרוו. זאַלב אָפּ, ~געזאַלבט.
אָפּשמירן מיט זאַלב. „דוא זאָלשט קליידן זיא ... און, אוך זולשט זאַלבן זיא“, טח, שמות, כח, 41. אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אָפּזאַלצן — טרוו זאַלץ אָפּ, ~געזאַלצט, ~געזאַלצן. פֿאַרענדיקן זאַלצן. אָ, דאָס פֿלייש. ־ונג. ־עניש.
אָפּזאַמלען — טרוו ־מל אָפּ, ...„געזאַמלט. אויפֿזאַמלען, צונויפֿקלייַבן, צוזאַמענמאַכן. „בײַם אָ, איז דער יונגערמאַן צו ביילע־גיטעלען אויך צוגעגאַנגען מאָנען אַ נדבֿה“, ד. י. זילבערבוש, שטרעכאלאך.. , ווין 1916.
אָפּזאַמען זיך — אוטוו. זאַם זיך אָפּ, זיך ~געזאַמט. פּפּ. זיך ~זאָמען.
איבערבלײַבן. ניט צוריקקומען אַ לענגערע צײַט. אָ, זיך שעהן־לאַנג בײַ דער חבֿרטע. „אַ מאַן איז אַוועק פֿון אַ יונגער פֿרוי... ער איז פֿון איר אַוועקגעפֿאָרן און האָט זיך אָפּגעזאַמט אַ ים מיט יאָרן“, פֿל ״אַז מע שיקט אים אַוועק אויף אַ פּאָר מינוט, זאַמט ער זיך אָפּ דרײַ זייגער־שעה“, יצחק וויערניקאָווסקי, שלש סעודות צײַט, באַרדיטשעוו 1899. „און מיר וועלן זיך אָ, אין וועג צוועלף וואָכן ביז די ווײַבער

וועלן מעגן חתונה האָבן“, ש בעקערמאַן, די
יודישע קאָזאקין, אַדעס 1886. “אַוועקגעפֿאָרן
קיין ראַסיי און האָבן זיך אָפּגעזאַמט לערך אַ
שנה תּמימה“, מעשׂה מר, יחזקאל בעל צדקה,
זשיטאָמיר 1873.

אָפּזאַמשן — טרוו זאַמש אָפּ, ~געזאַמשט.
באַדעקן מיט זאַמש. אָ, שיכעלעך. אָ,
הענטשקעס.

אָפּזאַסטן — טרוו. זאַפּט אָפּ, ~געזאַפּט.
אַרײַנגעבן, אַרײַנטאָן, אַרײַגגיסן זאַפּט. אָ אַ
געטראַנק. אָ, וואַסער און אַרײַנשטעלן אין
פֿרירקאַסטן ־ונג.

-

אָפּזאַסערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געזאַפֿערט.

-

1. אַרײַנטאָן, אַרײַנגעבן, אָפּשיטן מיט זאפֿראן.
אָ, די שבת־חלות. אָ, געפֿילטע פֿיש. 2.
צוגעבן, באשיטן מיט יעדער מין געווירץ.

אָפּזאַץ — דער, ־זעץ, ־ן. פּפֿ אָפּזע□ן, דער.
1. רעזולטאַט פֿון אָפּזעצן זיך, אײַנשטעלן זיך.
אָפּגעזעצטע שווערע מאַסע פֿון אַ מישונג. אָ,
פֿון משקה. אָ'־זאַלץ. אָ'־שטיינער. דעק אָ',

-

הייוון־אָ', מאַלץ־אָ', קאַלך־אָ', צאָן־אָ,. ,,איך
האָב עטלעכע מאָל אויסגעפּאָרשט מײַן גורל
אין דעם אָ, פֿון קאַווע און איך האָב דאָרט
געזען אַז מיר וועלן שטאַרבן צוזאַמען“, ר
זעליגמאן איבז, פּראָספּער מערימע, קאָרמען,
בערלין 1922. ,,צום סוף, זעצט זיך אויפֿן דנאָ
פֿון פּראָביר־גלעזל אַ רויטלעכער אָ,“, יאכ I.
2. פּסולת. אומניציקס, איבעריקס. ,,הכּלל,

די מעלאָדראַמע איז די פּסולת, דער אָ, פֿון
דער אַמאָליקער גוטער דראַמע“, מוק, טעאַטער
און אידיש טעאַטער ,,אַלע אומניציקע,
איבעריקע... זאַכן וואָס אין דאָס בלוט געפֿינט זיך,

אין די נירן ווערט דאָס פֿילטרירט... און דאָס גאַנצע אָ,... גייט אַרויס,,, בלעטער, No 37. "וואו געזעצטקייט, איז אויך דאָ אַ שוואַרצער אָ,", קאָר I.

3. גײַסטיקער דעפֿעקט. ,,בלײַבט אויף דער נשמה אַ פֿלעק, אַן אָ', אַ טעם לפּגם,,, פּרץ, ,מסירת־נפֿש,.

4. דאָס וואָס פֿאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. אטמאָספֿערישע אָ'ן. ,,אַ גענוגע צאָל אָ'ן (רעגן און שניי) דורכן יאָר כּדי צו באַקומען אַ גוטע גערעטעניש", ק. גוטמאַן, די נויטיקסטע אָגראָנאָמישע יעדיעס.. , טשערקאַס 929 . "דער וואַסערדאַמף, וועלכן דער ווינט וועט דורכיאָגן, קען זיך בײַ אונדז אָפּקילן און דאַן קומען אַטמאָספֿערישע אָ'ן, רעגן אָדער שניי", דר, י בובער, פֿגעז, ווילנע 1932, No 21.

5. אָפּצאַס, קנאַפֿל, הויכע קנאַפֿל. ,,ווײַבער האָבן דרײַ זעץ: אַן אײַנזאַץ, אַן אָ, און אַן אויפֿזאַץ", שוו. ,,הויכע אָ'ן הייבן אויף די פּ אַטע העכער פֿאַר די פֿינגער און בייגן אויס י

דעם פֿוס", דר, מ גאַטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגיענע, וואַרשע 1908, ז, 33. ,,זיי האָבן שוין באַצײַטנס געוואוסט ווי מע האַקט

אַרײַן אַ פֿלעקל און מע שאָבט אָפּ אַן אָ'"‚
באש, גימפּל תּם, נ"י 1963.

6 (גוטער, אײַליקער) פֿאַרקויף.
מעגלעכקייט צו פֿאַרקויפֿן. ,,גוטע סחורה האָט אַ גוטן אָ'", סוחריש ווערטל. געפֿינען אַ גוטן אָפּזאַצמאַרק. "דאָס בלוט פֿון געטאָ האָט גערמאַניע עקספּאָנירט אויף אַלע מערק, וואו אָ, איז געווען נאָר,,, פּמ, מלחמה I. ,,ביידע קאַפּיטאַליסטישע גרופּן... שטרעבן צו פֿאַרכאַפּן איין און דעם זעלביקן אָ'־מאַרק,,, זשיט, שריפֿטן I , נ,,י 1917, ז, 67.

7. גרענעץ, גבֿול, ראַם, אָפּשטעל, הפּסקה, פּאַוזע. לייענען מיט אַן אָ', אָן אַן אָ,. ,,אין אַ טייל תּפֿילות שטייט אַן אתנחתּא וואו איין אָבזאַץ איז, דשׂ מן עשׂ אַזו גיהערט צו זאָגן,,, עפּש, דרך הישר לעולס הבּא, פֿפֿדמ תמ"ה? נה/א. "דאָ שטיט איין מפֿסיק צווישן צווייא ווערטר, דאָ מוז מן אַווינג רואהן אים רידן און איין אָבּ זאַץ מאַכן", א ן יע)ראָל, מעץ 1766, ח/א. "ווײַטער זענען אויך אין אַ בּכּבֿודיקן אָ, געהאַנגען — שיין אײַנגעראַמטע — די כּלערליי לאַנד־אויסצייכענונגען", ע ווארשאַווסקי, כאלדאמטרע II, פּאַריז 1924, ז, 30. ,,האַלטנדיק

שטײַף מיט בײדע הענט די גלאָז, זופּנדיק די הייסע טיי מיט אַן אָ,,... איכּערהאַקנדיק אַלע ווײַלע מיט אַ טרוקענעם הוסט“, י ל. שאַצקי, קאָרנבּלומען, בּיאַליסטאָק 1935.

8. עטלעכע זאַצן (אָדער זאַץ) וואָס אינאײנעם שטעלן זיי צונויף איין פּאַראַגראַף. טייל, סטראָפֿע (אין אָ שיר). איבּערלייענען נאָר איין אָ, פֿון גאַנצן אַרטיקל. ,,זייער אָפֿט

אָפּזוימען זיך

ווערט יעדע קלענערע פֿראַגע אײַנגעשלאָסן אין איין אָ,... די שטיק צווישן [אָפּגערוקטע] שורות רופֿט זיך אָ',,, מ גיטליץ, פּראָזאַישגעשעפֿטלעכע שפּראַכ, מאָסקווע 1932. ,,פֿיל אָ'ן אין תּנך זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַן אַלעגאָרישער פֿאָרעם“, לעאָ פֿינקעלשטיין, גרונטשטריכן פֿון דער ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע, וואַרשע 1937.

9. גלײַכע טעראַסע אין אַ בּאַרג. אָפּרוק פֿון טרעפּ. ,,אַלשׂ מאַן שטאפּיל ווײַז נאָך גיווישׂי אָבּזאַץ איטליכר איין גנג אודר עזרות... אודר טרעפּין האָט מוזן גין,,, אַלכּסנדר עטהויזן מגולי פֿולדא, בּית י□tראל ובּית הבּחירה,

אָפֿנבאַך תע״ט. „דאָרט גייט דער באַרג מיט אָפּזאַץ, אַזוי גלײַך ווי אַ וואַנט„, קמ, 38 1864' No.

„אַז ער האָט זיך אומגעדרייט בײַ אַן אָ, פֿון די
י

טרעפּ, איז אַרויסגעקומען אַ דינסטמויד פֿון אַ קליין טירל„, קמ, 35 1863, No.

1O. (סטאָלערײַ) אָרט וואו עס איז אָפּגעהובלט ניט גלײַך.

11. אַנשטאָט אָנזעץ. נר.

אָפּזאָרגן — טרוו. זאָרג אָפּ, ~געזאָרגט. ניט דאַרפֿן זאָרגן מער. „נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מע משפּט אליהון. הײַנט פֿאַרמשפּט מען אים און מאָרגן איז ער ווידער מיט זײַן באַנדע ... איר האָט אָפּגעזאָרגט פֿאַר אים„, אָפּאַ, אַ ראָמאַן פֿון א פֿערד־גנבֿ. אויך מיט ז י ך.

אָפּזויגן — טרוו. זויג אָפּ, ~געזויגן. פּפֿ: ~זייגן. 1. אַרויסזויגן די (גאַנצע) מילך. אויסזויגן מילך (ביזן סוף), דערבײַ פֿאַרגרינגערן די בריסט. אַ ה י נ ט ל צום אָ', אָ זײַגהינטל אַ מכשיר פֿון גלאָז מיט גומ
י אַרויס—
צופֿאָמפּען איבעריקע מילך פֿון דער ברוסט. „אויב עס האָט זיך אין ברוסט פֿאַרזאַמלט צו פֿיל מילך און מע האָט די מילך ניט

אָפּגעזויגן...“, דער מלאך רפֿאל... , פּשעמישל תרע״ד, ז, 31. „די ערשטע טעג נאָך פּאַווליקס און מײַן געבורט, ווען אַגאַפּיעס בריסט זײַנען צעשפּאַרט געוואָרן פֿון צו פֿיל מילך, האָט מען מיך צו איר געבראַכט אָ, זי„, ז. ווענדראָף, סאָוועטישע ליטעראַטור, קיִעוו 1940, No 10.

2. אויסזויגן אַ ביסל, נאָר אַ טייל.

3. אָפּגעוווינען פֿון זייגן. אָ אַ קינד. דזוו

,

אַנטווײנען.

אויך מיט ז י ך. ־עכ ן. ־עניש. ־ערין.

אָפּזוימען — טרוו. זוים אָפּ, ~געזוימט. פּפֿ: י־,זיימען. 1. פֿאַרזוימען, צונייען אַ זוים. אָ, ברעגן. אָ אַ לײַלעך.

,

2. אָפּזעגן פֿון אַ קלאָץ לאַטן, ברעטלעך מיט קאָרע. „זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט די קלעצער אויף די ראָלוועגעלעך,... געטראָגן די דינע ברעטער, וואָס די גאָטערס האָבן אַרויסגעשפּיגן צו די קרייצזעגן, אָפּגעזוימט פֿון זיי די לאַטן“, ירחמיאל גרין, בארג־ייִדן, וואַרשע 1938. ־ונג.

אָפּזוימען זיך — דזוו אָפּזאַמען זיך ←.

אָפּזויפֿן

,,ס'קען גאָר מעגלעך זײַן אַז זיי זאָלן זיך מוזן אָ, אויפֿן וועג די גאַנצע וואָך“, ד. י. זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען, ווין 1931, ז, 44. ־ונג. ־עניש.

אָפּזויפֿן — טרוו זויף אָפּ, ~געזויפֿט. 1. זויפֿן אַ טייל פֿון עפּעס. אָ אַ העלפֿט פֿון פֿלעשל.

,

2. זויפֿן אַ לענגערע צײַט. זיצן מיט בלאַטע יונגען אוו אָ, ביז מע פֿאַלט אַוועק.

אָפּזוכן — טרוו זוך אָפּ, ־.־,געזוכט. 1. זוכן און האָבן אַ פּעולה, געפֿינען, צוריקגעפֿינען. *דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט = א) די פֿאַרפֿאַלענע זאַך האָט זיך צוריקגעפֿונען. ב) איר וועגן אַ מענטשן וואָס איז צוריקגעקומען. אָ, די טאָכטער וואָס איז אָנטלאָפֿן פֿון דער היים. אָ, די פֿאַרלאָרענע בת־מלכּה. “וואו מע האָט געלט פֿאַרלוירן — דאָרט מוז מען עס אָ“, שוו. “איך וועל דיך אַוודאי אָ,, דו יפֿתּואר,,, נחב, 'מעשׂה מבערגיר והעני'. ,,איז געגאַנגען דער בעש“ט אויף דעם יריד און האָט

אָפּגעזוכט דעם ייִד דעם אָקסן־סוחר“, איין וואהרע אונ, וואונדערבאַרע געשיכטע פֿון איין כישוף־מאַכער, לעמבערג 1903. „ער איז ווי אין וואַסער אַרײַן, ווייס איך נישט ווי איך קען אים אָ‘“, יפּ, ז, 17. „אָפּגעזוכט בײַ די לײַט אַ כלה וואָס זיי [די ניט־גוטע] האָבן זי אויפֿגעכאַפּט“, אבג, דעקטוף, וואַרשע 1876, ז, 42.
„אַז דער זון וואַר גרויס איז ער געפֿאָרן אין דעם לאַנד וואו זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן אָפּצוזו'כן דאָס געלט“, ספֿר חסידיס, רוסלאַנד? תקע„ז, סימן קנ“ה. „אין לוטרינגה... איז איין תּינוק אַוועק גינומין ווארין אונ, הרכבֿ העט אים אָבּ גיזרכט אונ, לאמו ווידר גבראכט“, 'כ„י ווענן דעם מעצער עלילת־דם', 1669 [פֿש III].
„וואָס טוט מען אַצינד, אַז דער ערשטער גוף זאָל אויפֿשטיין [לתּחית־המתים] און איך זאָל מיר מײַן שאָדן אָ', א. ל▯ בּראנדיס איבּז, ספֿר ▯יח ספֿונים, אַס 1843, ז, 67.
י

2. געפֿינען וואָס מע האָט פֿריִער כלל ניט געהאַט, ניט פֿאַרמאָגט. אָ, אַ חתן. אָ, אַ האַרציקן חבֿר. אָ, אַן אָרט זיך צו באַהאַלטן. „אין בלאָטעס אַרומצוקריכן, זײַן פּרנסה אָפּצוזיכן“,

עט, לידער. „איך וועל דיר כּוודאי אָ, אַן אָרט
דו זאָלסט דערפֿון קענען ציִען פּרנסה“, ספֿר
אהלי צדיק, פּשעמישל [יאָר?]. „איך מוז זײַן
אין וואַרשע אָ, מײַן גליק“, בּ. בּעקערמאַן, דיא
גליקליכע הויזען, וואַרשע 1895. “ווי גרינג עס
איז צו כאַפּן טויזנטער מלאָכים אין הימל
איידער אָפּצוזוכן אַן אָרעמאַן צו שטיצן אויף
דער ערד„, יִיל איבּז, ג. לעסינג, נתן החכם,
אַדעס 1884, ז, 12.

3. אויסוויילן, אויסקלײַבּן, אָפּקלײַבּן. „און
לויט ווי עס ווײַזט זיך שפּעטער אַרויס, האָט
דער יצר־הרע קיין בּעסערן חבֿר פֿאַר שלמהלען
טאַקע ניט געקענט אָ'“, ממוס, שלמה. “און
ווען זוכט ער אָפּ פֿאַר אַ טאָוואַרישץ, מײַן
שמואלקן„, צ ז רובּינשטיין, דער שרעקליכער
קנס־מאָל, אַדעס 1883, ז, 3. „גערעכנט משׂמח
זײַן אים מיט דער בּשׂורה, אַז מע האָט שוין

1,.

אָפּגעזוכט פֿאַר אים אַ כּלה, ווי ער אַליין
פֿאַרלאַנגט“, י גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק,
ווילנע 1893, ז, 27.

4. אויסזוכן, אויסגעפֿינען. אָ, דעם סוד פֿון

זייער פֿרײַנדשאַפֿט. „עס איז אַ טאָפּעלע מצווה: משיבֿ אַבֿידה, דעם סוחר זײַן געלט אָפּצוזוכן און אויך אַן עגונה אויפֿצובֿינדן„, קמ, 1867, No 12. „אַז די בייזע מהומה האָט זיך איבערגענומען, האָב איך מיר אָפּגעזוכט ערגעץ אַ ווינקל, ממוס, פּישקע. "איז דער יונגערמאַן געגאַנגען אָ, אַ שמוגל וואָס דורכצופֿירן מאָרגן אין דער פּודלע", אַ. בערגמאַן, דאָס פּוילישע שטעטיל, וואַרשע 1926, ז, 41. "קוים אַ שטעגל אָפּגעזוכט, נאָר די פֿיס צו בײַטן", האַל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966, ז, 85. „אויף דער וועלט זוך אָפּ אַ קירזשנער וואָס זאָל טויבער היטלען נייען", זיאמע טעלעסין, אף מיונע אכרײַעס, מאָסקווע 1968.

אָפּזוכן זיך — ← דפֿוו 1. מיט די בבֿ פֿון אָפּזוכן. "זוך, זוך, וועסט דיר אָ'", פֿוול [געזאָגט מיט א סטראַשוניק אַז מע וועט אַרײַנפֿאַלן, מע וועט קריגן דעם פֿאַרדינטן פּסק]. "ס'איז מצא מין את מינו, זיי האָבן זיך ביידע אָפּגעזוכט", פֿוול „דער וואָס זעט גוטס צו טאָן זוכט זיך כּדי לײַטן אָפּ חן", מס, משלי, תּקע"ד, א, 27. „מיט מי... האָבן מיר זיך אָפּגעזוכט אַן אַכסניא וועדליק אונדזער גראַד„, ממוס, אין אַ שטורם צײַט. „נאָר אַ פֿרײַע מינוט,

זוכט ער זיך אָפּ אַ ווינקל און איז זיך מתיחד
מיט תּפֿילות, אָדער טראַכט זיך אַרײַן אין
מוסר", יע)ק, שליאַך און אומוועג *ער האָט
זיך אָפּגעזוכט מפֿטיר = ער האָט נישט געהאַט
קיין צרות, האָט ער זיך זיי אַליין אָפּגעזוכט.

2. צוריקקריגן. די גניבֿה וועט זיך אָ'.
"מילא, דער רבי האָט מיר געקאָסט געלט;
פֿונדעסטוועגן האָכ מיר דאָס דאָזיקע געלט
אויך אָפּגעזוכט ווי ווײַט איך האָב געקענט",
אבג, דער גלגול, וואַרשע תּרנ"ו, ז, 27.

3. זיך אײַנגעפֿינען. "אַז עס וועט זיך אָ,
דער יורש... וועלן מיר מער ניט באַקומען
ווי אונדזערע צוויי חלקים"„ נעתּק על ידי
י"א מ"ס, יוסף דער יתום, ווילנע 1865. "אַז
דאָס געלט האָט געזען אַז דאָס גליק האָט זיך
אָפּגעזוכט בײַ ר, נחמן... האָט עס אויך אַהין
געצויגן", שפּרינצע מירל.., בוקאַרעשט
1878, ז, 5. "ער איז דערווײַל אין מײַן רוקזאַק
געוואַקסן... דער געץ וואָס האָט אָפּגעזוכט
זיך אין רואינען", חג, דער מענטש פֿון פֿײַער,
ז, 13.

4. געפֿינען פֿאַר זיך עפּעס וואָס מע מיינט
אַז מע האָט ניט. אָ, זיך אַ ווינקעלע וואו צו
לערנען מוסר. "אַז מע וויל קאָן מען זיך אָ,

צײַט און מיר שרײַבן אייניקע ווערטער", נ.
פּאָליאַק־הילמאן, דער נײַער אָבּראַזצאָווער בּ,,ש,
בּאַרדיטשעוו 1904, ז, 5.
~זור, דער. ־ונג. ־ער (ין, קע).
־ערײַ.
אָפּזוכעניש — דאָס & די, ־ן. ,,אין דער

אָפּזונדערלעך

צווישנצײַט פֿון די תּנאָים בּיז דער חתונה, פֿירן
זיך דער כּלהס עלטערן אײַנצולאַדן צו גאַסט
— אויב חתן און כּלה זענען ניט פֿון דער
זעלבּער שטאָט — דעם חתן אויף יום־טובֿ, ווי
אויף פּסח, סובּות און מע גיט מתּנות דעם חתן
און דער חתן בּרענגט מתּנות דער כּלה. אָט די
רײַזעס רופֿט מען אָ,,,, יע, ממנהגי י ראל,
הערות פֿון עורך, רשומות, אַדעס תּרע,,ח.
אָסזומערן — אוטוו & אַקוזוו ־מער אָפּ, ,
געזומערט. פֿאַרבּרענגען, דורכלעבּן דעם גאַנצן
זומער. אָ, אין דאַרף. ,,זי קוקט אויף די...
נאָדלבּיימער אַ פֿאַרגאַפֿטע און פֿאַרבּענקטע.
ווי זי וואָלט צווישן זיי אָפּגעזומערט אירע
יונגע יאָרן", חג, צמח אטלאס II. ,,עס דאַרף
מײַן קאָפּ אַ קרוין פֿון אויבּן מיט אַ פֿלעכטל.

געגליכן צו אַ אָ רויז וואָס האָט שוין
אָפּגעזומערט", מלה, לידער I, נ"י 1934, ז, 190.
אָפּזונדער — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּזונדערן (זיך). פֿאַרבאָט פֿון ראַסע־אָ,
אין די עפֿנטלעכע שולן. „אָפּשאַפֿנדיק דעם אָ,,
האָט דאָס געריכט פֿאַקטיש בלויז אָנערקענט
דעם פֿאַקט — אַז דער אָ, איז אָפּגעלעבט,
אַרכאַאיש", בצג, טמז, 10 1968 ־ I.
אָפּזונדערונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּזונדערן (זיך). „אַן
אַרומגערינגלט לאַנד קען דורכברעכן די אָ, פֿון
וועלכן עס לײַדט", טמז, 2 .10 1964 X.
אָפּטיילונג, אָפּשיידונג, סעפּאַראַציע, סעגרעגאַציע,
איזאָלירונג. אָ, צווישן מלוכה און רעליגיע.
„סעפּאַראַציע, אבֿ זונדרונג", יוסף מארשין,
חנוך לנער, פֿיורדא תקל„ד, כ/א. „[עס] וועט
ניט אַנטפֿלעקט ווערן דער שלום... און די
אָ, פֿון דעם שלעכטס פֿון דעם גוטס ביז דער
צײַט פֿון דעם קץ", תּניא, 236.
3. אויסשיידונג. "ווײַן אָדער קאָניאַק רופֿט
אַרויס אַ גרעסערע אָ, פֿון מאָגן און
געדערים־זאַפֿט...„, דר, באָגאָלובסקי און ד. שוואַרץ,
וויין אַלס הייל מיטעל, וואַרשע 1927. 4. 'עת
נדתה, (ויקרא, טו, 25) — טראַדיציאָנעל און

תּי. ''איר אָ'''. ,,זאָל זי [די פֿרוי] זײַן אומריין צוויי וואָבן אַזוי ווי איר אָ''', תּי, ויקרא, יבֿ, 7.

אָפּזונדעריש — אדי וואָס האָט די נטיה, די טבֿע זיך אָפּצוזונדערן. אָ'ער אײַנשטעל. אָ'ע מוסולמענער. ־קייט.

אָפּזונדערלעך — אדי. ארכ. באַזונדער, ספּעציעל, אַנדערשדיק. ,,אויבֿ איך נון שוין דיא גנצי אשׂטוריא [=געשיכטע] מן יששכר זולטי פֿיל פֿריאיר גישריבֿן... זוא וויל עשׂ שפּאָהרין אונ, אים אָפּ זונדירליך בּישרײַבֿן,,, גה, 163. ,,אַלי לשונות קומן ניט אַנדר איבּר אינשׂ כּפֿי הדקדוק נייארט דשׂ הולענדש איז אָבּ זונדרליך: דרום איז עשׂ שווער צו איבּר זעצין'', יוסף מאַרשין, שיני אַרטליכי גישיכטין, אמט תּע''א. [ייִבּל I, 5 X־6]. ,,איך זעלט נאָר צו איר קומען ווען איך וויל... וואו זיא איר בּוואנונג האָט אָבּ זונדרליך ניט אים שלאָס בּייא דער פּרינצעסין...'', מראות הצואות,

אָפּזונדערן

וואנזבּעק תע''ח. ''דוא מוזט בּײַא דיר האָבּן איין גרושׂי אָבּ זונדרליכי עבֿירה, דרום בּידענק

זי און, זאָג מיר עשׂ“, אַלכּסנדר בּר, משה
עטהויזן מגולי פֿולדא, בּית י□דאל ובּית
הבּחירה, אָפֿנבּאַך תּע“ט. „און, (הש“י) דורך זײַן דר
בּאַרמונג דשׂ ער האָט צו ישׂראל מיט אַנדר
און אָכֿ זונדרליך צו דיא גוטי לײַט די אונטר
,

זי זײַן“, משה פֿראַנקפֿורט איבּז, מהמ, אַמע)ט
1722. “דרום גיהער איטליכר מענש נזהר זײַן
אָפּ זונדרליך שוך הבּן ווען ער שול גיט און,
מיט די זעלבּי שוך ניט אין בּית־כּסא גין“, קה,
פֿיורדא 1743, מו/א. “קאַן מן איין איטליכשׂ
ליכט אָבּ זונדרליך ער קענן [=דערקענען]“,
קהלת שלמה, אַמ□)ט 1744, צכ/ג.
אָפּזונדערן — טרוו. ־דער אָפּ, ~געזונדערט.
אָפּטיילן, אָפּשיידן, סעפּאַרירן, איזאָלירן. „און
אָרעמע־יתומים, עלנטע ווערן אָפּגעזונדערט אין
תּלמוד־תּורות, פּונקט ווי אָרעמע קראַנקע אין
הקדשים„, ממוס, שלמה „אַזוי וועט
אויסגעקליבּן דאָס גוטס און עס ווערט אָפּגעזונדערט
דאָס שלעכטס, אַזוי ווי עס ווערט אויסגעקליבּן
און אָפּגעזונדערט דער אָפּפֿאַל פֿון זילבּער און
גאָלד“, תּניא, קיח. „דען גאָט האָט אונשׂ פֿיל
גוטשׂ גיטאָן מיט דעם דז ער האָט אונשׂ שׂכל

און קענהייט גיגעבן, מיט ווילכי מעלות ער
אונש אָב גיזונדרט אונ, אונטר שיידן האָט פֿון
ד אַנדרי לעבנדיגה בישעפֿניש“, חה, אמ ט
י
1716, לט/א. ‟פֿרײַזיניקייט איז אַזאַ קראַנקייט
וואָס עס איז ניט מעגלעך צו קורירן...
דעריבער דאַרף מען דיך... אָ, פֿון דער גאַנצער
וועלט“, אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. „אין
שלום־עליכמען זענען פֿאַקטיש פֿאַראייניקט אָט
די ביידע סתירות, ער האָט די פֿעאיקייט
אויסצוטיילן און אָפּצוזונדערן יעדן פּאַרשוין
פֿון דער קופּע מענטשן„, שנ, וועגן יודישע
שרײַבער , , 130.
מיט ז י ך — „דר רוײַל דער דיזי קלוגהייט
זרכט, דער מוז זיך אָב זונדרן פֿון אַלי מענשן“,
מ מן, יוסיפֿון, אַמשט 1743, כּה. „
אָפּגעזונדערט זיך אין שטוב צו זיצן האָט אַ טויט
בײַ איר געהייסן„, ממוס, יודל, 131. ‟איך מיין
מיך אָפּצוזונדערן און האַלטן זיך ווײַט פֿון
אים“, ווײַס I , 'ווי דער גורל פֿירט'. „וואָס
טיפֿער אין די הינטערגעסלעך, אַלץ נעענטער
דער טײַך, אַלץ מער זונדערן זיך אָפּ די אָרעמע
הײַזער, צעוואַרפֿן זיך, פּראַוועז יחידות“, בערג,

באס דניעפּער, 'עמעס', ז, 34. „ער האָט...
געהאַט אַ באַדערפֿעניש זיך אָפּצוזונדערן:
אַוועקצוגיין אויף אַ ווײַלע פֿונעם קהלשן
יאַריד„, שנ, דערציילערס און ראָמאַניסטן II, ז,
448. „דער טלית... זונדערט זיך אָפּ פֿון
אַלע אײַנהילן און ווערט דער טלית פֿון אַ ייִד
אַ בעל־תּורה“, שבֿש I.
־ניש. ־ער. ־ערײַ — די אָ'ערײַ פֿון
ראַסן אין דרום־אַפֿריקע.
אָפּזופּן — טרוו. זופּ אָפּ, ~געזופּט. 1.
אַרײַננעמען, אַרײַנציִען מיטן מויל אַ טייל פֿליסיקייט
פֿין אַ כלי. אָ, פֿרן קידוש־בעכער. אָ, די

סמע1733

טענע און איבערלאָזן די זויערמילך. „
קינדערלעך, שלאָפֿט ניט, האָט פלטיאל געזאָגט און
גענומען מאַכן קידוש. ער האָט אָפּגעזופּט אַ
רובֿ כּוסע“, בּ גאָרין, פּסח.. , נ“י 1899,
ז, 18. „מע ברענגט אַרײַן צוויי גלעזער טיי,
איינס פֿאַר מיר און איינס פֿאַר אים. ער קוקט
אַרײַן אין גלאָז פֿאַרמחשבֿהט, זופּט אַביסל אָפּ,
און זאָגט כאַלד ווײַטער“, ד י. זילבערבוש,
שטרעכאלאך. , ווין 1916, ז, 161.

2. פֿיג. אָפּלערנען, אָפּדאַוונען, אָפּזאָגן אויף
גיך. אָ, אַ האַלבע הגדה. „דאָס שטיקל '
לייענען, פֿאַר דעם טאַטן מאַכט ער נאָך ווי עס איז.
זופּט אָפּ אַ בלעטל גמרא אין כאַפּעניש, אין
אײַלעניש, עט, אַזוי“, ממוס, שלמה. „זונטאָג
אָבער, מוז מען פֿריִער וו אַלע טאָג אָפּדאַווענען,
'
אָ, דעם שיעור חוק לישׂראל, אין דער גיך
אַוועקלויפֿן אַהיים“, אַר, 'דער גבור'. „אין אַ
ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן דער געריכט, אַלע
האָבן זיך אַ שטעל געטאָן, דער ריכטער האָט
גיך אָפּגעזופּט די שטענדיקע עטלעכע פֿראַזן
און האָט זיך געזעצט“, לייזער קאַצאָוויטש,
הומאָרעסקעס, מינסק 1933.
—עכ ן. —עניש. ־ערײַ.
אָפּזיגלען — טרוו ־גל אָפּ, ..„געזיגלט.
1. אַרויפֿטאָן, אַרויפֿלייגן אַ זיגל פֿאַרחתמענען.
,
“ער האָט אויסגעשטעלט לעגיטימאַציעס מיטן
עמטלעכן חותם... אָפּגעזיגלט און
אונטערגעשריבן“, הערצל אָפּשאַן, בית י ראל —
וויזשניצער רבי'ס הויף, סיגעט 1939. „מע האָט
זיי, די קאַפּאָטע־ייִדן, אָפּגעזיגלט מיט א

שטעמפֿעלע: ,פֿאַנאַטיקער'...", סעג, געבֿרענטע ערד, ב"א 1947, ז, 143. "אים [דעם וואַגאָן] פֿאַרריגלט פֿאַרשלאָסן מיט שווערע שלעסער און

אים אָפּגעזיגלט צום טראַנספּאָרט", ח. י פּ[ע]רל, פֿאַרלאָשענע ליכט אין מאַרמאָרעש, ת א, תשי"ח, ז, 84.

2. דזוו אויפֿזיגלען, ← 439.
מיט זיך — „די בילדער פֿון גאַסן און מאַסן, / זיי זיגלען זיך אָפּ אין מײַן זינען", סעג, אַ בוים פֿון פּוילן, ב„א 1945, ז, 55.

אָפּזיד — דזוו אָפּזאָט (←).

אָפּזידלען — טרוו. ־דל אָפּ, ~געזידלט.
1. דזוו אויסזידלען (←) אָדער גוט אָנזידלען (.). „זײַ נישט גיך צו קריגן זיך, וואָרן דערנאָך האָסטו אַ ברירה דיר גאָר קיין עצה נישט קענען געבן אַז יענער וועט דיך אָ,", מס, משלי, תקע"ד, כה, 8. "ווען מע פֿלעגט אים אָ אָדער מבֿזה זײַן פֿלעגט ער זייער קלוג

מאַכן דערפֿון אַ שפּאַס,„ אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע תרכ„ד. „דאָרט [אין אַ ספֿרל] האָב איך

מײַן גאַנצע גאַל אויסגעגאָסן... אָפּגעזידלט די
באַרימטע מחברים", אבג, גלגול, וואַרשע תּרנ"ו,
ז, 42. "ער האָט דעם ראָש־הקהל גוט
אָפּגע□ידלט פֿאַרוואָס ער איז מבֿזה די
תּורההקדושה", לדב, נ"י, תּשי"ז, רכא. "אירע אויגן
זידלען אָפּ אַ מענטשן אָן ווערטער", בערג,
ביי□ דניעפּער I.
מיט ז י ך. "דער ייִד האָט געוואַרט פֿון

אָפּזײַט

טאָג צו טאָג פֿון אָר צו יאָר, פֿון אַלעמען
י ,
געלאָזט באַעוולען זיך, פֿון אַלעמען געלאָזט
אָ, זיך", ש גאָדינער, דער מענטש מיט דעך
□יקט, מאָסקווע 1934.
2. צוריקזידלען. ענטפֿערן מיט זידלערײַ.
"עס איז נאָך גוט אַז זיי... זידלען ניט אָפּ,
שיטן ניט אָפּ מיט פֿריסיק זייערע פֿריִערדיקע
גוטע פֿרײַנד"‚ ממוס, קליאַטשע "אַז ער
ענטפֿערט שוין יאָ, זידלט ער אָפּ"‚ א. ביילין,
'זכרונות, [רויטע בלעטער I, מינסק 1929].
אָפּזידן — טרוו זיד אָפּ, ~געזאָדן. (אויך:

~געזאָטן, ~געזידט). 1. דזוו אָפּזאָטן ←.
אָ, מילך, אָ אַרבעס, אָ אַ פּאָר אייער אויף
, ,
פּרישטיק. „איז זי באַלד אַראָפּגעקראָכן פֿון
בעט, צעלייגט אַ פֿײַער אויפֿן פּריפּעטשיק און
אים אָפּגעזאָדן הייסע מילך“, גרש ון אײַנבינדער,
פֿון יענער זײַט טײַך, מאָסקווע 1930. 2.
ווייניק אָסקאָכן, ווייניק זידן. 3. אײַנקאָכן,
צונויפֿקאָכן. אָ, מילך. מיט ז י ך — ספּעצ
מיט ב
אָפּזיי — דער, ־ען. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אָפּזײַען. אָ'־וואַסער.
אָפּזייאונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רע־־
זולטאט פֿון אָפּזײַען (זיך). „פּאָעטישער אָ'־
פּראָצעס“, ב ריווקין, ה לייוויק. , ז, 146.
אָפּזייאיק — אדי. נעאָל, סטוטש. וואָס איז
-
ניטאָ דערבײַ, וואָס פֿעלט. די אָ'ע מיטגלידער
פֿון פֿאַראיין. אַוועקזײַאיק. ־יקייט.
אָפּזייגן — דזוו אָפּזויגן (←). „...‚ מוז מען
[די וואָרצלען פֿון די בריסט] פֿאַרגרעסערן
דורך אָ', וועלכעס עס ווערט געמאַכט מיט אַ

גלעזערנע רורקע אָדער לולקע“, מלכּה
בּערלאַנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע 1836, ז, 15.
„אויך פֿלעגט זי פֿאַרשאַפֿן אַ זייגהינטל אום
אָפּצוזייגן די וואָרצלען פֿון אַן ערשטלינג אַ
ריַכע“, אמד, ר, שמעיה גוט יוס טו□ בּיטער,
ווילנע 1915, פֿאַרלאַג מאַץ, ז, 16.
אויך מיט ז י ך. ־עכץ. ־עניש.
־ערין — „באַטראַכט נאָר וואָס דעם געמיינעם
בעל־הכּית קאָסט נעבעך דאָס ניַי־געבוירענע
ייִנגעלע: אַ באַבע, אַ וואַרטאָרין, אַן אָ"“, א
זאָלאָטאראָוו, ייִפֿאָל, 14 1882, No.
אָפּזייגערן — טרוו ־גער אָפּ, ~געזייגערט.
נעאָל. אויסגלײַכן זייגערס, זיי זאָלן ווײַזן
פּונקט די זעלבּיקע צײַט. אויך מיט ז י ך —
זיך אָ, כּדי אַלע זאָלן קומען צו דער צײַט.
אָפּזייט — די, ־ן. צובּוי, אָנבּוי. דאָס וואָס
־
ווערט צוגעבּויט אין אַ זײַט. בּאר משה טײַטשט
'היציע, (מלכים א', ו, 6) — די אב זייט. [תּי:
„אָנבּוי“]. „און, ער בּויאט אָן וואַנט פֿון דעם
הויז אײַן אָב זײַט... דרײַא נעמין האָט די אָבּ
זײַט, זי היישׂט (יציע, תא, צלע)... (היציע)
די אָב זײַט די אונטרשטי וואַר פֿינף אילן
בּרייט“, סהמ, מלכים א, א, 65.

אויך אַדוו. אין אַ זײַט. „אין אַ זײַט פֿון די
פלאַנען פֿון שאַפֿערישקייט און מחשבֿה־שטחים

אָפּזייטיקן
-

וואָס ליגן גאָר אָ, פֿון די של אַכן פֿון דער
י
פראַקטישער רעאַליטעט“, ייִט.
אָפּזייטיקן — טרוו. ־טיק אָפּ, ~געזײַטיקט.
--
אָפֿרוקן אין אַ זייט. אָ, עמעצן וואָס מישט
 יך אַרײַן אומגעבעטענערהייט.
מיט ז י ך. ־ונג.
אָפּזיימען (זיך) — ← אָפּזוימען (זיך).
אָפּזײַן — טרוו. איצ נבֿ, [זן בלויז 3.
פער־־
זאָן]. זײַ אָפּ, ..־,געוועזן. ,געוועזן. 1.
אַוועקזײַן, אַוועקבלײַבן. זײַן אַ לענגערע צײַט אין אַן
אָרט. אָ, עטלעכע חדשים. „העגער געפּענטעטע
וואַרפֿן זיך אין די וואָגנס, קרייען שטאַרק אין
כּעס — אַזאַ צײַט אָפֿגעוועזן צעשיידט פֿון
ווייערע ווײַבער“, ממוט, שלמה „אָט דער
בערל־אײַזיק איז אַוועק קיין אַמעריקע,

אָפּגעוועגן דאָרט היפּשע עטלעכע יאָר און איז געקומען צוריק", שע, 'כּערל־איַיזיק,. "זי קאָן נאָך אָ, בּיַי איַיך אַ פּאָר יאָר, אויבֿ איר ווילט זי נאָר האַלטן", דפּ III, ז, 13. ,,ס'איז אָבֿער אַ צופֿאַל [דאָס טרעפֿן זיך], מע קען דאָ אָ, יאָרן און זיך נישט טרעפֿן", אָפּאַ, 1936, ז, 25. ,,הייסט ער זיך פֿריִער אויסזוכן דעם פֿויגל וואָס ווייס וואו דאָס ווערעמל איז אָפּ די גאַנצע ציַיט", פֿעליקס פֿאַלק, יובֿל 3 XIII, No־4. ,,אָבֿער אָפֿזיַיענדיק בּיַי זיי בּלויז אַ פּאָר טעג האָבֿן מיר אָנגעהויכן פֿילן, אַז דער פּלאַץ ווערט אונדז ענג", טמז, 14 l96l XII.

2. אָפּגעבֿן ציַיט פֿאַר אַן אַרבֿעט, דינען אין מיליטער. זיצן אין תּפֿיסה. אָ, אַ ציַיט אין דינסט בּיַי יענעם. אָפּזיצן. "צי זענען זיי [די ראַבֿינער] ניט אָ, יאָרן־לאַנג בּיַי ייִדן, און די שטאָט איז פֿון זיי זייער צופֿרידן?,,, ייִל, וועלט לוח, אַדעס תּרמ"ג, ז, 30. ,,זיי זענען ווי די פֿאַרמשפּטע... וואָס ווייסן, אַז זיי מוזן אָ, זייער שטיקל ציַיט", שע, זומער לעבֿן. ,,איצט נאָכן אָ, צוואַנציק יאָר גריַיפֿעווער רבֿיצין וועט זי ווערן אַ קרעמערקע פֿון הייוון,,, חג, טמז, 1 1965 I. ,,אָנדערהאַלבֿן יאָר אָ, אין אַ קינדערהויז און זיך אַלץ ניט קאָנען אָפּגעוואוינען",

פֿײוול סיטאָ, אָט דאָס זײנען מיר,
כאַרקאָווקיִעוו 1932, ז, 93.

3. ניט זײַן דערבײַ. אויספֿעלן. „אין
פּאָליטיקזאַכן זײַנען די ייִדן גאָר פֿאָרזיכטיק און
באַנוצן זייערע פֿאַרשטעלטע ווערטער אויך בײַם
אָ, פֿון אַ פֿרעמדן אויער„, י□tק, שליאַך און
אומוועג, ז, 220.

4. ארכ אַראָפּזײַן. „דא שלוג אים יואבֿ זײַן
קאָפּף אָבּ, דא שפּראַך יואבֿ ווידר דעם שמיד
וויא איז דיר, דען דער קאָפֿף איז אים נאָך גאָר
אָבּ גיוועזין“, מבֿ, אַמ□ט 1701, מעשׂה קמה.
אויך סובּ „שטילקייט, דאָס אָ, פֿון
אויסערלעכע אײַנדרוקן — מאַכן שלעפֿעריק“, ט.
בּערלט, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927, ז, 120.

אָפּזייען — טרוו זיי אָפּ, ~געזייט.
פֿאַרענדיקן זייען. פֿאַרזייען. אָ, אַלע פֿעלדער.

אָפּזייען — טרוו. זײַ אָפּ, ~געזײַט (□געזיגן).

--

1. אָפּגיסן דאָס וואַסער, וואָס מע האָט אין דעם

1739

געקאָכט. אָ, לאָקשן. אָ, בולבעס. אָ, באָבּ. „גם

אַז מען קאָכט אַ סך בּצים אינאײנעם קער מען נישט אָ, כּל־זמן דאָס וואַסער איז הייס“, ספֿר שלחן ערוך, ח,,בּ [זשאָלקעווע, אָנהייב 19. י“ה], ט/כ. ,,איך קאַווע טאָר מען ניט אָ, [אום שבּת] אינגאַנצן פֿון גרינד, אָדער שלאַכעצקע בּיר פֿרן די הייוון,,, דרך אדם, וואַרשע 1860. ,,איר ווייסט ניט, וואָס הייסט אַ דורכשלאָג? אַזאַ כּלי וואָס מע זײַעט אָפּ אויף דעם די לאָקשן“, שע, מאָטל . I, ז, 90. ,,קאַרטאָפֿל אַז עס ווערט פֿערטיק, זײַט מען עס אָפּ. וואָס דען, לאָזן איבּערקאָכן זיך?“, אַר, ,אַ דראַמע איבּער פֿינף קאַרטאָפֿלס'.

2. אָפּפֿילטערן, איבּערזײַען. ענדיקן דורכזײַען אויף אַ דורכשלאַק בּיז די פֿליסיקייט איז קלאָר. אָ, בּראָנפֿן. אָ, בּיז דער האַרטער שטאָף בּלײַבּט אין דורכשלאַק. אָ, דאָס

.

שיטערע = אַרויסוואַרפֿן דאָס שטעכטע. ,,טוא עז אין איינן זויבּר פּפֿענדל... אונ, לאָז אונטר אייננדר צו שמאלצין. דאַן זײַד עז איבּר אָבּ אונ, לאָז קלט וועךן“, ספֿר רפֿואות, יעסניץ תּפּ“ב. ,,נעם איין טייל וואַפּנע און צוויי אָדער דרײַ טייל גוטן אַש, איבּערגעזיפּט, גיס דערויף וואַסער... דערנאָך זאָלסט אָ', זאָל זיין קלאָר“,

איין בּיכל וואָ דרינן גפֿינט זיך זאכין
טשיקאווי, שקלאָוו תקנ,,ה. ,,קנאָבּל־זאָמען זאָל מען
איבּערקאָכן... דאָס זאָל מען אָ, אין אַ פֿלעשל
אַרײַן, פֿון דעם זאָל דער קראַנקער טרינקען
אַלע צוויי שעה אַן עסלעפֿל“, דער מלאך
רפֿאל.. , פּשעמישל תּרע ד, ז, 15. “
אָפּפֿילטערן (אָ') דעם ספּירט, צוגעבּן צו א ם בּענזין,
צעבּויטען דאָס,,, ז. ווײַסמאן איבּז, י.
פֿאָליאַנסקי, בּלי פֿון געוויקסן, קיִעוו 1927.
3. דערווײַטערן. ,,ווי אַזוי זי [די קאָמונע]
האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלץ נײַע און נײַע
קאָמונאַרן, אָפּגעזײַט טויגעניכצן און
ספּעקול אַנטן“, מ. דאניעל, דערציילונגען און נאָוועלן
,

II, כאַרקאָוו 1935.
מיט ז י ך ־עכן. ־עניש. ־ערײַ.
אָפּזייערן — טרוו. ־ער אָפּ, ..,,געזײַערט.
־
באַפֿרײַען פֿון זײַערס. אָ, מיט אַ זאַלץ. “[בּײַם
וואַשן פֿלעקן מיט כלאָר־קאַלך] נאָך דיזן
כלאָרקאַלך דאַרף מען גרינדלעך אויסוואַשן, אָ, אַרן
נאָכמאַלס וואַשן כּדי דער שטאָף זאָל ניט

קאַליע ווערן,,, ש. שפּיראָ, קליידער פֿאַרבּער .,
וואַרשע 1900, ז, 33 ־דנג.

.

אָפּזייפֿן — טרוו. זייף אָפּ, ~געזייפֿט. 1.
אָפּרייַבן, אָפּוואַשן מיט זייף. אָ, די בּרודיקע הענט.
2. פֿאַרענדיקן זייפֿן.
3. פֿיג אָפּזידלען, אָפּשייגעצן. אָ אַ מאָרדע.

,

,,אים האָט נאָר זלאַטע עטלעכע מאָל
אָפּגעזייפֿט", שע, יוסעלע סאָלאָוויי.
מיט ז י ך — "זיך לאַנג געזייפֿט די הענט
מיט זייף... און נישט געקאָנט אָ, זיך", שע,
'דער אתרוג'. ־עכץ. ־עניש.
אָפּזיכט — די, ־ן. דטשמ. כּוונה, מיין.
,,... וועט די דאָזיקע קליידונג דערקלערן די

אָפּזינגען

פֿעלקער מיינע אָ'ן", דפּ, אלעקמאנדער און
ד אָגענעס, ווילנע 1930, ז, 94.

אָסזיכטלעך — אַדי. דטשמ. וואָס איז מיט
אַ כּיוון. בּכּיוונדיק. ,,עס איז אַ משוגעת צו
קומען אָ, נעבּן אַ שול אום יום־כּיפּור רייכערן

אַ סיגאַרעט,,, מר ״י, ז, 171.
אָסזילבערן — טרוו. ־בער אָפּ, ,געזילבערט.
באַדעקן מיט זילבער. אָ אַ לעפל. ,,די עטלעכע
,

ווייַבער... קומען צו אים אָ, זייערע מעשענע
לײַכטער“, חג, טמז, 1962 I״י 22. ־ונג.
אָסזינג — דער, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּזינגען. “איך הער ווי ס'האַלט מיך
אין פֿאַרוויגן, אַן אָ, פֿון אַ ניגון“, הל, א בלאט
אוי״I אַן עפּלבויס, ב“א 1955, ז, 97.
אָסזינגען — טרוו זינג אָפּ, ~געזונגען.
1. פֿאַרענדיקן זינגען. “דער טאַטע האָט
אָנגעהויבן זינגען און אַלע האָבן נאָכגעזונגען. ווען
מע האָט אָפּגעזונגען, האָט דער טאַטע מבאר
געווען,,, לדב, נ,,י תּשי“ז, ז, 334. ,,האָט זיך
פֿאַרזאַמט דאָרט... ביז דער חזן האָט
אָפּגעזונגען“, אמד, דער ליטוואַק אין וואָליניען,
ווילנע 1870. *אָ, זײַן לידל — פֿאַרענדיקן די
קאַריערע. ,,איר קאָנט זיך אַוודאי חברים
וואונדערן, וואָס מע זעט ניט די לעצטע צײַט
דובראָוון? וועל איך אײַך דערציילן, אַז דובראָוו
האָט שוין זײַן לידל אָפּגעזונגען, און איצט איז

ער דאָרט, וואו עס דאַרף זיך אַזאַ פֿויגל געפֿינען", הערשל ווי[אָקור, אין אופֿקום, מאָסקווע 1932.

2. אויסזינגען. דורכזינגען. אָ, אַן אַריע, אַ לידל, אַ דרשה. „וואַר אָפּגעזונגען מיט גרויס התלהבֿות דער שלום־עליכם", אמד, מלכּה והדסה, ווילנע תּרמ„ח. „דערצו זײַן זיס לשון מיט זײַן שיין ניגונדל ווי ער זינגט אָפּ אַ דרשה", קמ, 21 1870, No. „ער איז צוגעלאָפֿן, אָפּגעזונגען אַ בּרכה און געוואַרט אַז מע זאָל ענטפֿערן 'אָמן',„ ספּ, גליקליכע און אומגליקליכע, ז, 85. „אָפּגעזונגען קאַטאָרגע, סיבּירן, אויסגעזונגען בּיינער מיט דער הויט", פּמ, ברידער, ז, 116. „אָ, קען איטלעכער ווער עס האָט נאָר אַ שטים", נ לוריע איבּז, מ. גאָרקי, א מענטש בא לײַטנ, קיִעוו 1935.

3. אויפֿזינגען. „זיצט נאָך אַ בּיסל אָנידער! איך וועל נאָר גיין דאָס ווײַסע קאָטערל אַרײַנלאָזן צו דעם שוואַרצן קאָטערל, וועט איר הערן ווי זיי וועלן דאָ אײַך אָ, אַ שיין חסידיש ניגונדל", עט, 'דער פֿעטער פֿון אַמעריקע,.

4. אָפּצאָלן מיטן זינגען. „ווײַל כ'האָבּ געקענט שיין זינגען, האָבּן אַלע בּעלי־בּתּים געוואָלט איך זאָל עסן בּײַ זיי שבּת און אָ, פֿאַר

דעם עסן״. י. זיכערמאַן, נחלת יעק, נ„י
תשכ״ו, ז, 144.
5. אָפּשאַפֿן, בטל מאַכן דורך זינגען. „
אָפּרופֿן, אָ, און אָפּדאַוונען געפֿרוּווט אַ גזר וואָס
האָט געשיקט צו אים סיגנאַלן״, צײַט, גש I,
ז, 83.

אָפּזינדיקן

אויך מיט זיך — ־עכן. —עניש.
־ער (־ין, ־קע). ־ערײַ.
אָפּזינדיקן — טרוו ־דיק אָפּ, ,געזינדיקט.
1. פֿאַרענדיקן זינדיקן. אויפֿהערן זינדיקן.
„שוין אָפּגעזינדיקט. חתונה געהאַט און געוואָרן
אַ סטאַטעטשנע באַלעבעסל. 2. זינדיקן אַ
לענגערע צײַט. אָ, אַ לעבן־לאַנג און שטאַרבן אָן
ווידוי. ־ונג.
אָפּזיסן — טרוו זיס אָפּ, ~געזיסט. זיס
מאַכן. אָפּצוקערן פֿאַרצוקערן פֿאַרזיסן. אָ אַ
גלאָז טיי. אָ, מיט סאַכאַרין. אָ, מיט פֿאַרין אָדער
ווערפֿל. „אַז דו וועסט דאָס דאַרפֿן קאָנסטו, ווען
דו ווילסט, מיט סיראָפּ אָפּצוזיסן„, אײַן ביכל

וואָ▯ דרינן גפֿיוט זיך זאכין טשיקאַווי, שקלאָוו תּקנ"ה. „אויפֿגעבריטע גערשטן־וואַסער, אָפּגעזיסט מיט האָניק", דער אוצר פֿון געזונד און לעבען, וואַרשע 1908, ז, 16.
אויך מיט ז י ך. ־ונג.
אָפּזיפּ — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּזיפּן. אָפּפֿאַל בײַם אָפּזיפּן. אָ, פֿון קלײַען.
אָפּזיפּן — טרווי זיפּ אָפּ, ▯,געזיפּט. 1. דורכלאָזן דורך אַ זיפּ און בּאַזײַטיקן אָפּפֿאַל. אָ, דאָס ביסל מעל. „עס וואָלט דען עפּעס געקאָסט טײַערער ווען מע זאָל... גוט אָ, די מעל פֿון די קלײַען", ג ראַוויטש, דער גוואַלד ריס, וו▯לנע 1883, ז, 58. "מע קען אָבער דאָס דאָזיקע הײַטל [פֿון די קערנער] ניט אָפּשיילן,... קומט דעריבער אויס צעמאָלן דעם גאַנצן קערן און דערנאָך אָ, דערפֿון... די מעל„, י בורטיאַנסקי, דאָס געוויקס, קיִעוו 1929. "יונגע קוקורוזע קאָן מען... אָ, און קאָכן ווי קליינעם, גרינעם אַרבּעס", ב שאפּראַן, ייִדישע קוך, וואַרשע 1930, ז, 24. 2. פֿאַרענדיקן זיפּן. אויפֿהערן זיפּן. אָ, פּסולת אַז בלײַבן זאָל בלויז סולת.
3. בּאַזײַטיקן. אָפּזונדערן. אָ, די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן. אָ, די טומלערס.

מיט ז י ך — „זײַנען אין די קאָלעקטיוון
געווען פערזאָנען וועלכע זײַנען ניט געווען
צוגעוואוינט און האָבן זיך ניט געקענט
צוגעוואוינען צו דאָרפֿישער ווירטשאַפֿט. דער
דאָזיקער עלעמענט האָט אויך אָפּגעזיפּט",
סאַכאקלען פֿון דעך ארבֿעט איבֿער דער ערד
אײַנאָרדענונג.. , האָמעל 1927. „ער זיפּט זיך
תּמיד אָפּ דאָס סאַמע רעאַקציאָנערסטע", ש.
גיטעליס, קאַמפֿ אַפֿ צוויי פֿראָנטנ אינ דער
פעדאַגאָגיק, באַרדיטשעוו 1932 ־עכץ ־עניש.

. .

—ער — „זיפּט מען עס פֿריִער דורך דורך אָ
גאַנצע ריי פּלאַטשיקע אָדער קײַלעכיקע זיפּן
(בוראַטן און אָ')", ע. איזראַ, פֿון פֿעלד צום
טיש, קיִעוו 1928, ז, 84.
אָפּזיפּען — ← אָפּזשיפּען.

--

אָפּזיסך — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּזיפֿצן (זיך). „די רוסישע רעוואָלוציע
האָט דערפֿרייט אַלעמענס הערצער... אַלע
האָבן זי באַגעגנט מיט אַ פֿאַרלײַכטערטן אָ,",

זשיט X, נ"י 1919, ז, 9. ,,זאָל זײַן מײַן וואָרט — דער אָטעם פֿונעם ווינט, דער אָ', ווען די

179()

כּיטערניש פֿאַרשווינדט,,, י. קאָטליאַר, סאָוו, היימלאַנד, 9 l967, No.

□

אָפּזיסצן — אוטוו. זיפֿץ אָפּ, ~געזיפֿצט. פּפֿ

□

~זיפֿצען. ארויסבּרענגען אַ זיפֿץ, וואָס דריקט אויס (און מילדערט) בּיטערניש, טרויער. "נעמי, נעבּעך, האָט אָפּגעזיפֿצט... דאָס אָרעמע קינד איז כּמעט ווי אַן חיות שטיין געבּליבּן", קלמן סוביל, דער דאָ□טאָר מיט זײַן טאָכטער, לובּלין 1894. ,,איצט אָבּער האָבּן זיי איר גאָר נישט געקענט העלפֿן, נאָר אָפּגעזיפֿצט, אָפּגעקרעכצט און שוין,,, בּן־צ□י, דעס שענקער'ס טאָכטער, קראָקע תּרע"א. ,,דעם וואַלד האָט ער טרויעריק געפֿרעגט: 'איז ד□ר נאָך אַ

בלאַט פֿון דעם זומער געבליבן?, דער וואַלד
האָט אים אָפּגעזיפֿצט מאַט: 'איך האָב נעכטן אַן
איינציקס געהאַט, האָט היינט עס דער שטורעם
פֿאַרטריבן',,, יהואַש, זון און נעבל, ,
שניילעגענדע,. ,,ביי דעם לייענען פֿון זייערע ביטערע
באַמערקן האָב איך געמוזט אָ',,, זשיט IX, נ,,י
l919, ז, 47. ״זי האָט אָפּגעזיפֿצט און
פֿאַרשעמט צוריקגעצויגן אַ האַנט״, נאָמ, 'דאָס
רבישע אייניקל'. ,,זע איך דאָך — האָט ער
אָפּגעזיפֿצט — מיט אייך ביידן אויסגעזאָרגט,
אָבער ווי קום איך צו אַרבעטן אין אַ פּרדס ,,,
ב דעמבלין, צאַנקענדיק ליכט, נ,,י l958, ז, 183.
״אויך דו [מאַרקיש] פֿלעגסט אָ': 'איך קען ניט
איינשלאָפֿן פֿון גרויל,״, חג, דער מענטש פֿון
פֿייער, נ,,י 1962, ז, l07.
מיט ז י ך. ,,איך בין אויך אומגליקלעך,
זיפֿצעט זיך אָפּ שלמה,,, פּראַקטיקע איז א
לערער, איבז, ווילנע תרל״ח. ,,אַך אַמעריקע,
זיפֿצעט ער זיך אָפּ און נעמט זאָגן די הגדה
נאָך שטילער,,, ב גאָרין, פּסח . , נ״י 1899,
ז, 8. ״גיטל האָט זיך שווער אָפּגעזיפֿצט, ווען
זי האָט איר מאַנס ערקלערונג דערהערט״,
נ ה. עהרמאַן, דאַס גרויסע געווינס, וואַרשע
תרפ״ה, ז, 12. ־עניש. —ערײ.

אָפּזי□ו — אוטוו. זיץ אָפּ, בּ י ן □ ..,,געזעסן.
1. זיצן אַ לענגערע צײַט. זיצן, זײַן, בּלײַבּן אָדער וואוינען אַ געוויסע צײַט אין אַן אָרט. ,,דאָדט איז עס דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אויף איין אָרט, אײַנגעהויקערט אין צענטן און מע האָט ניט געטאָרט הערן פֿון איר קיין פּיפּס,,, ממוס, פֿישקע ,,קאָן אָ, אַ קײַלעכיקן יאָר אין דער שענסטער דירה... און פֿאַרגעסן אַז פֿאַר אַ דירה דאַרף מען צאָלן דירה־געלט‘‘, שע, זומער־לעבּן. ,,זי איז גאַנצע נעכט נעבּן איר צוקאָפּן אָפּגעזעסן‘‘, ל לעוויץ, רפֿאל דעם שנײַדער'ס טאָכטער, ווילנע 1888, ז, 33. ,,מיר זײַנען אַוועק צום בּרעג פֿון □ם און שעהן־לאַנג אָפּגעזעסן אין אַ קאַפֿע־הויז,,, סעג, מײַנע זיבּן אָר אין תּל־אָ□י□, בּ,,א 1949, ז, 129. ,,ער □

האָט אָנגעהויבּן אַרײַנצוקומען צום קאָמיסאַר אין הויז... און פֿלעגט אַ סך צײַט אָ, צוזאַמען מיט דער קאָמיסאַרס פֿאַמיליע‘‘, יק
2. זײַן ערגעצוואו אַ לענגערע צײַט און עפּעס טאָן, דורכפֿירן אַן אַרבּעט. אָ, איבּער דער גמרא. ,,אַ גאַנצע וואָך איז ער אָפּגעזעסן אין

שטוב און געהאָרעוועט אויף דער

קאָרעסאָפּזיצן

פּאָנדענציע", י. גוידאָ, דער נײַער פּראָצענטניק, ווילנע 1893, ז, 22 „מע זיצט אָפּ נעכט און מע דרייט די אויסגעטריקנטע מאָזגעס פֿון דאגות פֿרנסה", יוס אָרוד, אָדעססער אַדרעס קאַלענדאָר אויף דעט יאָהר תּרנ"ח „זיצן די רבּנים אָפּ פֿיל שעהן. זיי מאַטערן זיך אין די הלכות,,, א מאָרגענשטערן, עגל הזה, וואַרשע 1898, ז, 33. "און [די אַרבּעטער] פֿלעגן אָ, ווי קרוקעס בּיז צוועלף בּײַנאַכט בּײַ דער אַרבּעט,,, י מ. אַלפּעראָוויץ, דיא וועלט מלדזמה... , ווילנע 1905, ז, 53. „פֿיל מאָל זיצט מען אָפּ אַ גאַנצן טאָג אין געשעפֿט און מע זעט אַ גראָשן אין די אויגן ניט", יע)ראָל בּרי" I, מײַן זיידע'ם הגדה, ווילנע 1908, ז, 40. „מע זיצט אָפּ אַ ווינטער־נאַכט און מע קען זיך אַרײַנטאָן אין אַ טיפֿן ענין", לדבֿ, נ"י תּשי"ז, סח. „ער אין אָפּגעזעסן בּײַ די אָרעמעלײַט און געפּריידיקט פֿאַר זיי אָרעמקייט", מק, ,מאָנטיק'.

3. זײַן, לעבּן אָן שום שינוי. אָ, (ווי) אַן

אַלטער בּחור בּיז אין די פֿופֿציקער. „אַ ווײַבל
זיצט אָפּ יאָרן אָן קינדער, און אַז גאָט
העלפֿט הייבּט זי אָן קינדלען, שיט און שיט ווי
אַ קוואָטשקע„, שע, יוסעלע סאָלאַוויי.

4. אויפֿהערן, ענדיקן זיצן אַ געוויסע צײַט
אין אַן אָרט. „ייִדן זענען אָבּער אַלץ ניט
אָפּגעזעסן בּיז עס איז געקומען דער
איספּראַווניק און ערשט קעגן אָוונט זענען זיי זיך
צעגאַנגען“, ייִפֿאָל, X 1881 1. אויך: *אָ, פֿון אַ
פֿערד   אַראָפּגיין, אַראָפּקריכן פֿון אַ פֿערד.
----- □

5. זיצן אַ טערמין אין טורמע, זיצן כּדי
אָפּצוקומען אַ שטראָף. אָ, טורמע. אָ, אַ שטראָף.
אָ, אַ חובֿ — אָ, דעם צוגעמשפּטן טערמין פֿאַר
אַ חובֿ וואָס מע קען אים ניט בּאַצאָלן. אָ,
וועזשע. אָ, אין תּפֿיסה. “נאָכן אָ, עטלעכע
חדשים אין תּפֿיסה, האָט מען זיי בּאַפֿרײַט„.
„... הייסט דאָס געזעץ מע זאָל אים אײַנזעצן
כּדי ער זאָל אָ, וואָס ער האָט אָנגעזעצט“, עט,
שריפֿטן, ווילנע 1925, ז, 547. „ווען דו
פֿאַרשפּילסט די ספּראַווע מאָר דײַן כיטראָשטש צום
געלט, דו גייסט אַוועק אָ, אייניקע יאָר דעם
וויראָק“, א. מאָרגענשטערן, עגל הזה□, וואַרשע

1898, ז, 33. „געשאָסן אויף חיות אַפּילו אין די צײַטן פֿון יאָר ווען יאַגד איז ניט דערלויבט ... פֿון צײַט צו צײַט געגאַנגען אָ, אַ קורצן טערמין„, י׳ז, דערציילונגען, ז, 241. „איצט גיי זיך אָפּ אין קאַלטער קאַטאַלאַזשקע דרײַ טעג און זאָג אַ דאַנק וואָס נאָך ניט מער„, אַקש, מזרח און מער□, מאָסקווע 1940, ז, 15.

6. זיצן אין תּפֿיסה פֿאַר אַן אַנדערן, פֿאַר באַצאָלט. „טאָמער וואָלט ער בײַ מײַן משוגענעם געפֿועלט אַז ער זאָל נעמען געלט און אָ"״, ממןס, טאַקסע.

7. בלייַבן זיצן לענגער פֿאַר (צוליב) עפּעס□ אָ, פֿאַרן כּיבוד, נאָכן באַקומען כּיבוד. „מע זיצט אָפּ אַ גאַנץ מעת־לעת און מע רעדט — און פֿרעגט בײַ מיר מיט וואָס ער האַנדלט!“, שע, ט□יה.

8. [ניטאָ אין לד] אוימה□רן טאָן עפּעס.

אָפּזעגלען

אָפּהאַקן מיט עפּעס אָדער עמעצן. אָפּלאָזן.
אָפּטשעפּען זיך. אָפּשטיין, צוריקציִען זיך.
אָפּטרעטן. „איך זאָג דיר מיט גוטן, זיך אָפּ פֿון

מיר“. „זיך אָפּ, אַניט קריגסטו אַ פֿאַרפֿאָר אין די ציין“. אָ, פֿון מחלוקת. אָ, פֿון די טענץ.
„אויב איך וועל אַרויס מיט גאַנצע ביינער, וועל איך אָ, לכל־הפּחות אויף אַ פּאָר וואָכן“. *זיך אָפּ און טו ניט = לאָז איבער אַלץ און הער אויף טאָן. „לאָמיר פֿון די יהודים אָ, וואָרום מיר האַלטן ניט מלחמה מיט קיין מענשן נאָר מיט ליבין און לעמפּרטין“, שי, ד/א, ב. „עש איז אײַן כּבֿוד צום סן דז ער זאָל אָב זיצן פֿון קריג“, סהמ, משלי, כ, ד. „ער [דער חתן] ווערט בײַ איר קיין חן האָבן, ווערט זי מזנה זײַן מיט אַנדרן, דרום זאָל דר שדכן פֿון אַזוני זאַכן אָפּ זיצן [און ניט דורכפֿירן דעם שידוך, אויב די כלה וויל דווקא אַ שיינעם בחור]„, ספֿר חסידים, רוסלאַנד? תק״ז? תּקע״ז? סימן קנה.
„אײַן אַנדר שׂונא ווען מן אים ביצווינגט צוויי דרײַא מאָל, זיצט ער נון אָב, אָבר דער יצרהרע ווען אים דער מענש גלײַך הונדרט מאָל אָ ביצווינגט, זיצט ער ניט אָב“, שה I, אמ▯ט 1723, לח/ג. “איינער דעם אַנדערן טיט עפּעס פּוגם בכבֿודו זײַן... און קיין איינציקער פֿין זיי וויל [ניט] אָ', ווײַל לויט זייער פֿאַרריקטן פֿאַרשטאַנד, הייסט דאָס אַ שפֿלות און פּחיתות הכּבֿוד יענעם נישט צו ענטפֿערן“, ר, יצחק

האמבורגער מילדי ות ש י קראָקא, יח צדיק
[איבז פֿון ״ספֿר פלא יועץ״], קראָקע 1882.
״ניין קדיש, האָט זיך רוכטשע אַרויסגענומען

פֿון זײַנע... הענט... ער האָט געפּרואווט מיט
כּוח... זי האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט
אָ,, וועט זי אויפֿרײַסן טיר און פֿענצטער און
מאַכן אַ געוואַלד,,, י. פּערלע, גילדענע פּאַווע,
ז, 212.
9. אקוזוו אײַנשלעפֿן אַן אבֿר. אָפּליגן אַן
אבֿר. אָ, אַ פֿוס. דריקן מיט דער האַנט און
װי אָ,.
אויך מיט ז י ך. ־עכץ. —עניש. ־ער
(־ין, ־קע). ־ערײַ.
אָפּזעגלען — אוטוו ־גל אָפּ, ~געזעגלט. דזוו
אַוועקזעגלען ←. ,,אורדר געבו... זוא בלו
דער ווינד גוט איז דז מאַן קאָן אײַלנדיג אָב
זיגלין,,, מראות הצו אות, וואַנזבעק תע״ח.
,,דערנאָך, אַז דאָס שיף האָט שוין מיט די
אומגליקלעכע פֿון דעם גאַוואַן אָפּגעזעגלט, האָט
זיך דער... מלך מיט דעם געלט... געטיילט״,
קמ, 18 1865, No. ,,ווי אַ שיף זעגלט נאָר אָפּ

פֿון דעם האַוון, שטייט זי אונטער דעם שוץ פֿון
שיפֿס קאַפּיטיין״, אמד, מעוז היס, ווילנע 1864.
״ווי דער קאַפּיטאַן האָט דאָס דערהערט, האָט
ער באַלד געהייסן אָפּאַנקערן און אָ, פֿונדאַנען״,
פֿערוואָרפֿענע פּרוי, וואַרשע 1878. „די זעלבע
נאַכט האָט אָפּגעזעגלט אַ שיף אין אַן אַנדער
מדינה און זיי זײַנען אַהין גליקלעך
אָנגעקומען״, דאָס פֿאַלשע ווײַב, לעמבערג תּרס״ז.
מיט ז י ך. ־ונג.

1. אָפּזעגן — טרוו. זעג אָפּ, ~געזעגט.
אָפּשנײַדן מיט אַ זעג. אָ, אַ צווײַג, אַ ברעטל.

1▯91

„און, זיא הויאטן און, זיא שנידן און, זיא
זעגטן אָב דיא פּיס דער זעלביגן טירנן״,
יוסי▯ון, אמ▯ט 1661, רצ/ב.

2. אָפּטיילן. אָפּרײַסן. אָפּבינדן. אָ, די
פֿאַרבינדונגען. אָ, די משפּחה־קייט. ״געפֿידט פֿון
זײַן קלאַסן־לאַגע און פֿון די אינטערעסן וואָס
פֿליסן פֿון איר אַרויס... קאָן דער ענגלישער
פּראָלעטאַריאַט ניט אָ, יענעם צווײַג, אויף
וועלכן ער זיצט״, זשיט ▯, נ״י 1917, ז, 122.

3. פֿיג. טאָן, דורכפֿירן עפּעס מיט אַ סקריפּען און ריטמיש. כל־ימיו אַ חלוש און אָפּגעזעגט זיבעציק יאָר מיטן האַרץ ווי אַ זייגער„, חג, דער מענטש פֿון פֿײַער, נ״י 1962, ז, 112.
אויך מיט ז י ך — אָ, זיך צוויי פֿינגער באַפֿרײַט צו ווערן פֿון פּריזיוו.
־עכץ — „אונ, עשׂ ווערט זײַן דער וואַלד אַז דאָז אָכ זעגיכט פֿון דען ווערמל דז דאָשׂ האָלץ זעגט״, סהמ, ישעיה, י, 18. אויך: זעגשטויב, פּאָלאָווינעס.
פּזעגענען זיך — אוטוו & טרוו. ־גן זיך אָפּ, זיך ~געזעגנט. 1. זיך געזעגענען, זיך שיידן מיט עמעצן. „איך האָב זיך ערשט מיט מענדלען אָפּגעזעגנט. / געגעבן האָט ער מיר זײַן האַנט, / געשוואוירן האָט ער מיר בײַ זײַן לעבן / אַז ביז אייביק וועלן מיר זײַן בײַנאַנד״, פֿל „דער טאָג האָט זיך שוין אָפּגעזעגנט און גאָט ווייסט צי איך זע אים נאָך מיין!״, פֿל „נאָך דער חתונה איז אַרײַנגעקומען דער זון
דער עושר אָ, זיך„, דובנער מגיד, נעימות יעק , איבּז צדוק צדיקאָוויץ ממינסק, ווילנע 1869.
„דאָס ווײַב... האָט פֿיל געוויינט און האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט איר איינציק קינד״, מ א גליקמאַן, ספֿר ברכי נפֿשי, וואַרשע 1898, ז, 21.

‘‘דאָס פּײַערל ציט זיך צום בּרעג און זעגנט זיך אָפּ מיט דער ליטא,,, סעג, שטילע טרוימען, וואַרשע 1909, ז, 11. ,,דער מאַנטל האָט מײַן מאַמעס טרערן אײַנגעזויגן, ווען זי האָט זיך מיט מיר אויף תּמיד אָפּגעזעגנט‘‘, חג, דער מענטש פֿון פֿ□ער, נ‘‘י 1962, ז, 15.

2. זיך שיידן מיט עפּעס. זיך אָ, מיטן וואַלד, מיטן אָפּרו־פּלאַץ. זיך אָ, מיט דער פּרנסה, מיט דער מלאָכה. ‘‘און דאַן דאַרף איך זיך שוין אָ, מיט מײַן שחיטה, דען די גאַנצע שטאָט זײַנען אָנגעשטויסן אויף מיר‘‘, א י. סאַפֿיר אויס מינסק, חטאת הקהל... , ווילנע 1881, ז, 51. ,,און אין גאַס איז ער אַרויס, ער זאָל זיך אָ, מיט אַלע באַקאַנטע פּלעצער פֿון זײַן קינדהייט‘‘, בּ. גאָרין, דיא מזיקים.. , נ‘‘י 1900, ז, 32.

3. זיך אָפּזאָגן פֿון עפּעס. מוותּר זײַן אויף עפּעס. זיך אָ, מיט די עטלעכע גראָשנס. ,,מיטן טעאַטער מעג זי זיך שוין אָ'‘‘, שע. ,,דעם ווירט דאַרף מען צאָלן פֿאַר דער דירה, די קליידער זעגענען זיך אָפּ מיט אונדז, זיי האָבּן שוין געגוג געדינט,,, ש לעדערער, דער שרעקליכער פֿערבּרעכער, ווילנע 1897, ז, 9. ,, דעריבּער זאָלן מיר... זיך אָ, מיט יעדן געדאַנק,

ווידער אָפּצופּרישן די ייִדישע

באַשאַפֿונגסאָפּזענגען

כּוחות ניט אין דער ייִדישער היים", זשיט II, נ"י 1912.

1. אַרכ. אָפּזען — טרוו. זע אָפּ, ~געזען. אָפּלערנען. מאַכן אַן אויספּיר. „דעם מענשינס ווישׂנשאַפֿט קען מאַן אָכ זעהן אָן זײַנן טואן,,,

ספֿר מ◌חר הפנינים, הומבורג תּצ"ט, יז/א. „דאַ פֿון קאָן מן אָבֿ זעהן וויא גרוישׂ איז די מצוה פֿון ציצית", שלמה זלמן לונדן, קהלת שלמה, אמ◌ט תּק"ד.

2. ארכ. ניט זאָרגן זיך. „קאָן איך מיין בדענקן אונד וואול גפֿאַלין מיט גלעגנהייט אָבֿ זעהן אונד ניט מוכרח זײַן — אָן רמאים המעות צו פֿר גינן", אגרת שלמה, וואַנזבעק 1732, ח/א.

◌. אָפּגעזען.

אָפּזען — דאָס? דער?. ארכ. כּוונה. „הויא צו, זאַגטי ער [דער קיניג] צום דעם שאַרף ריכטער ... בפֿרײַ מיך דאַ דורך פֿון איינם טרײַא לאָזן, דר אויז קיינם אַנדרן אָבֿ זעהן זיר היר אײַן גשליכן אַלז נור דורך אײַנר ליסט מיך

דען לעבּנס פֿאָדים אָבּ צו שנײַדן", מראות הצוֹבאות, וואַנזבּעק תּע"ח.

אָפּזענגען — טרוו. זענג אָפּ, ~געזענגט. פּפֿ: ~זענקען. [אין לד ניטאָ]. אָפּסמאַליען. אָפּפֿליקן עופֿות און זיי אָ, דערנאָך. אָ, די ניטדערפֿליקטע פֿעדערלעך. אָ, די פּענקעס פֿון די פֿעדערן. "עשׂ האָט אָן זיא ניט גיוועלטיגט קיין פֿײַאר... דיא האָר פֿון איר קאָפּ (לא התחרך) זײַן ניט אָכּ גיזענגט גיוואָרן", סהמ, דניאל, ג, 27. "(רבֿ יוסף) וואַר אײַן (פּרנס) אונן אײַן קעשׂטליכר רבֿ, אונ, וואַר אַם ערבֿ שבּת זעלבּרט אָבּ זענגן דען קאָפּפֿא פֿון איינם אַ ק[אַ]לבּ,,, צאדנה, כּי תשׂא. "ווען איינער האָט די שטיק קלייד צו הויף גידרייט און האָט זי גימאַכט פֿאַר אַ קנוט (ולא הבֿהבֿה) אין האָט זי ניט אָפּ גיזיינגט, כּלומר ער האָט ניט אַרום גיסמאַליט כּדי זי זאָל בּעסיר בּרענען,,, תּקוני שבּת, איבּז, אוסטרהא 1818. ,,קאָכט מען פֿרישע פֿיש, זענגט מען אָפּ פֿרישע עופֿות,,, פּרץ, 'מלוה מלכּה'. ,,מע זאָל אַרויסנעמען דעם קראָפּ פֿון דעם עוף איידער מע סמאַליעט אָפּ דאָס עוף... אַרן מע זאָל עס ניט אָ, מיט שטרוי נאָר מיט היי", ספֿר מקוך הבּרכה II, מונקאַטש תרנ,,ה, ד/א. ,,בּײַ שבּת־ליכטעלעך... פֿאַרשטעל ווי

ס'קומט די אייגעלעך, נאָר זענג נישט אָפּ די האָר", אול, 'די שבת־ליכטעלעך'. „אַ הויכער, שלאַנקער בחור, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און ברוינע האָר, ווי זיי וואָלטן אָפּגעזענגט געוואָרן פֿון דער גלִיענדיקער זון", ש. ראָזענבערג, די כוזריס, ז, 12. „זײַט נישט דאָס פֿליגעלע אַרום פֿלאַם־פֿײַער, ווײַל איר ועט סוף־כל־סוף אָפּגעזענגט ווערן„, 'מענער און פֿרויען', טמז, 1963 I l2. *מע דאַרף דיר ניט אָ, די פֿליגל = מע דאַרף ניט אָפּשלאָגן די פֿליגלען, אָפּשלאָגן מוט [פֿליגל ממש דאַרף מען טאַקע ניט אָ,].

מיט ז י ך — „צומאָל האָט איינס פֿון זיי זיך אָנגעשטויסן אין פֿלעמל און זיך אָפּגעזענגט אַ פֿליגל, אָדער עס איז אינגאַנצן פֿאַרברענט

אָפּזענדער

געוואָרן", באַש, גימפּל תּם, נ"י 1963, ז, 62.

־עכ ן. ־עניש.

אָפּזענדער — דער, ־ס. אָפּשיקער (פֿון אַ בריוו) דטשמ. נר.

אָפּזעץ — דער, ־ן. דזוו אָפּזאַץ, ←. צום ב
בײַ יאכ, ז, 157.

צום בּ6. "איך האָב דאָ אויף זיי אַן אָ'", שע, אין שטורם „וואָס מער דער קאַפּיסאַל
פֿאַרגרעסערט די פּראָדוקציאָן... אַלץ ברייטער ווערט דער תּהוס צווישן פֿראָדוקציאָן און אָ'",
מ שיפּפֿעל, די עקאָנאָמישע איבּערקעהרענישן, זשענעוו 1914. „מאַכט גאַנץ אוממעגלעך די
אַנטוויקלונג פֿון דעם האַנדל און דעם אָ, פֿון אינדוסטרי־פּראָדוקטן", זשיט II ׳ו, נ"י 1917,
ז, 194. דער אָ'־ מ אַ ר ק.

צום בּ7. „אין אַ טייל תּפֿילות שטיט איין אתנחתּא וואו איין אָפּ זעץ איז דשׂ מן געהערט ע׳ זו זאָגן", עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו תּקנ"ו. „לייענט בּקול רם און מיט אַ קוויטש און מיט אַן אָ'", שע, אין שטורם

צום בּ1 o „ער לעבּט זיך היינט ווי אַ פּריץ. ער איז אָבער יעדע מינוט גרייט צום אָ',„ מ של׳. ׳שטיין, דער באנקראָט, וואַרשע 1884, ז, 15.

אָפּזעצונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּזעצן (זיך). דזוו אָפּזאַץ בּ1. „דער גאַזיקער שטאָף... האָט נאָכדעם ווי עס איז אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין אַ פֿלאַש מיט קאַלדוואַסער, געבּילדט אַ ווײַסער אָ', אַזאַ מין אָ,

באַמערקן מיר אין מייערקעפּלעך, קאָראַלן און
אַנדערע מינעראַלן“, י. א לעפּשין איבז, מ.
פֿאַראַדיי, די געשיכטע פֿון א ליכט, ווילנע 1922.
„בײַ דער עפֿענונג פֿון דעם אורין־קאַנאַל
געפֿינען זיך טיילמאָל... געל־רויטע אָ'ען פֿון
דער השתּנה“, פֿגעז No 2, ווילנע 1925.
אָפּזעצלעך — אדי. וואָס מע קען אָפּזעצן.
אָ'ע סחורות. „די אָ'ע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע
קאָאָפּעראַציע און געברויך־קאָאָפּעראַציע [זײַנען]
געווען יענע גרונט־קאַנאַלן, דורך וועלכע די
מלוכה האָט דורכגעפֿירט אירע צענטראַליזירטע
פֿאַרגרייטונגען„, סאָרקים, וועגנ סאָוועטישנ
האַנדל אפֿנ איצטיקנ עטאַפּ, מינסק 1932.
אָפּזעצן — טרוו. זעץ אָפּ, ~געזעצט. 1.
פֿאַרקויפֿן (פּטור צו ווערן). אָ, צוגעלעגענע סחורה.
”ער האָט אײַנגעהאַנדלט פֿאַר מיליאָנען פּערל
און איידלגעשטיין... און האָט עס אָפּגעזעצט
פֿאַר זייער גוטע פּרײַזן“, אמד, דיא
קרעמערקעס, ווילנע 1865. „און איטלעכער [סוחר] טוט
אויף נײַע המצאָות ווי אַזוי... פֿיל סחורה אָ,
ווען אויך מיט ווייניק פֿאַרדינסט“, קמ, 1864,
No 33. „מיטגעפֿירט אַ ביסל סחורה
אָפּצוזעצן עס אין גלײַכן געלט דאָרט„, ממוס,
ווינטשפֿ „איין בריה אויף אָ, אַ שטיקל סחורה

אין דער פֿרעמד״, שע, קליינע מענטשעלעך.   ,
ז, 44. ,,אויך האָבן זיך אָנגעהויבן ווײַזן נײַע
מערק אין די שכנישע אַגראַר־לענדער, וואו
מע קען אָ, לאָדזשער סחורה,,, י׳ז, אשכנזי,
ז, 31 .

1 92

2. זוכן און געפֿינען אַ מעגלעכקי ט צו
פֿאַרקויפֿן. ״ווען עס זאָל ניט זײַן קיין סוחרים,
וואָלט קיין בעלי־מלאָכ ת אויך ניט געווען,
וואָרעם זיי וואָלטן ניט געהאַט וואו אָפּ צו זעצן
ד אַרבעט,,, חיים בראָדאָווסקי, די אַסיפֿה און
׳
דער שטאָדט עציון־ג ר, באַרדיטשעוו 1889.
״דער סוחר פֿאַרזעצט די פּערל... און נעמט
סחור אויפֿגעזעצט און קומט אַהיים און קען
זיי ניט אָ׳״, עט, שריפֿטן, ווילנע 1925, ז, 547.
,,ער האָט געוואוסט בעסער פֿון אַלע שרײַבער
וואַר צו אָ, א דערציילונג און וו אַזוי צו
׳
באקומען פֿאַר איר דעם מאַקסימום האָנאָראַר,,,
מוק, אין וואַרשע און אין לאַדזש, ז, 30.

3. פֿאַרשפּרייטן. אָ, די אָפּגעדרוקטע בראָשור. ״מע דאַרף אַגענטן, אַפֿצוזעצן... אַ סחורה וואָס האָט אַ גרויסן אַפּגאַנג״, קמ, 46 6 □ 18, No. פֿאָרט ער אַרום אין גאַנץ פּוילן. ווען ער אים

□

[דעם חיבור] קאָנען אָ״׳, ממוס, דאָס קליינע מענשעלע

4. דיסקאָנטירן. „זאָל ער גיין אָ, בײַ אַנדערע די וועקסלען פֿון די נײַע סוחרים זײַנע בשעת ער ווייסט די גרויסע סכנה״, ממוס, ווינטשפ ״דאָ איז מען פֿאַרבונדן מיט די בענק, מע דאַרף לײַען געלט, אָ, וועקסלען און צאָלן וועקסלען״, י. א קאַצאָוויטש, 6o יאָר לעבן, ז, 288.

5. (אויף גיך) רעאַליזירן, ליקווידירן. ״יונה און שלום זאָלן אויף גיך אָ, אַלץ וואָס אויך זייערע חלקים נעמט זיך אָן פֿון פֿאָטערס ירושה״, בערג, באס דניעפּער II, ז, 253.

6. אַרויסגעבן, אָפּגעבן (פֿון זיך). ״און, צום ווינציקשטן, זוא קען דאָך קיין מענש ניט לעבין ווען ער ניט עסט, און, דען אָב גאַנג ניט אָב זעצט״, תּלמיד צחקן מוסרי, איבז אליהו בר, ליזר חזן ממשפּחת קוטניס, אמשט תּע״ח.

7. אָפּשטויסן, אָפּקלאַפּן. אָ, די פּילקע.

8. אָפּטראָגן, צעריַסן שיך. אָ, די לעדערנע זוילן.
9. (סטאָליערײַ) אָפּזעגן די בעקלעך, עס זאָל בלײַבן דער צאַפּן.
1O. אָפּשאַפֿן. „ער [הושע בן אלה] האָט די שומרים די ירבֿעם בן נבֿט גזעצט הט... אָבּ גזעצט“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו תּקנ“ו. “ווען אַ טראָגעדיקע אשה שמעקט עפּעס אָן אַן עסנוואַרג... אַפֿילו זי זאָגט ניט, זאָל מען איר אײַנראַמען אין אויער אַרײַן אַז עס איז יום־כּיפּור, וואָרעם מאַנכעס מאָל ווערט אָפּגעזעצט מיט דעם די דעה“, דרך אדם, ווילנע תּרכ“ד.
11. (גאַרבערײַ) אַראָפּנעמען דאָס גראָבּע פֿעטס. אָ, (דעם) שפּיגל.
12. הייסן אַרונטערגיין. אַראָפּוואַרפֿן. אָ, פון וואַגאָן. „מעניך מאָל אויף דען וואָגין גפֿינד מן אים [דעם חולה] טוט, אונ, מעניך מאָל זעצט אים אָפּ דער פֿורמן אונ, בּהאלד דאָז געלט אונ, אים גפֿינד מן ליגין טוט אויף דען פֿעלד“, ע)ה II, פֿיורדא תפ“ג, יז/ב. „אַוודאי געפֿינט מען

לײַכט אַן אויסרייד די ניט פּראַקטישע קינדער אָפּצוװעצן פֿון די קעסט און זיי אַרויסצושיקן אויף דער ווײַסער וועלט אָן געלט", א זאָלאָטאראָוו, ייִפּאָל, 47 1882 ,No.

13. אָפּזאָגן, אַראָפּזועצן, באַזײַטיקן. אָ, פֿון אַמט, פֿון אַ שטעל, פֿון דינסט. *אָ, די דעה = זיך באַמיִען אַז די מיינונג, דער באַגער זאָל זיך בײַטן. „ותיכף אַחר מנוי ראָשים וטובֿים ... זאָלין כל הקהל מנויים הנ"ל איבּר זעהן אויף צו זעצן אודר אָפּ צו זעצין כּפּי אַשר יראה בּעיניהם", תקק "זײַט ווישֿן אַז מען האָט אונזר ר[אָ]שים [= פֿירער פֿונעם קהל] פֿר נײַארט אָבּר מען האָט ניט ויל פֿר ענדרט ניַי[ע]רט מהר"ר חיים וואָל איז אָבּ גיזעצט וואָרן", פּראָגב, ז, 15. „קומט מיר וועלן רבּן גמליאל אָבּ זעצן פֿון זיין נשיאות, אָבּר ועם וועלן מיר אָן זײַן פֿלאַץ זעצן?", מבּ, משֹה קכ"בּ. „[גאָט] אין זײַן מאַכט און (מלכים) אָבּ צו זעצין אונ, אַך אויף צו שטעלן", יוסיפֿון I, פֿיורדא 1764, ו/א. „דערווײַל האָט מען דערלאַנגט צום מלך מסירות אויף דעם גאָבּערניר בּאשר ער טוט פֿאַלטשקייט. האָט דער מלך אים אָפּגעזעצט", נחבּ, 'מעשֹה בּחכם ותם'. "דור האָט אים אָפּגעזעצט פֿון צו זײַן קיין כהן גדול

מער“, צור, הפֿטרת חיי־שׂרה. „דעמלט האָט
מײַן פֿאָטער באַשלאָסן, אַז ער □וז זען צו
פֿועלן מע זאָל אײַער טאַטן אָ, פֿון רבנות“,
דעגראַדירן = די שליפֿעס, □אָ. No. 1□63 35, □מ,
אין אַמט אָדער גאָר אָפּזאָגן.

14. אײַנשטעלן, באַשטימען. “רי מזלות
וואָז הש“י האָט אָבּ גיזעצט, דיא זײַנין ניקש
אַנדרשט אַלז אייטל וואַרהייט“, ר, אַריה־ליבּ
בּר, יהודה. זעליגמן, תּיקוני מועדים,
פֿיורדא תּפּ“ה. „האָט גאָט אָפּגעזעצט דעם טאָג
ראָש־ה□נה אין אַ בּוך, ער זאָל אין איטלעכן
דור געדענקען דעם זכות פֿון די ישׂראל“, מחזור
לראש השנה, סלאַוויטע 1832, מ/א. „אַ מלך
האָט אים געגעבּן צו בּאַהאַלטן אַ פּקדון און
האָט אים ניט אָפּגעזעצט קיין צײַט ווען ער זאָל
אים עס ווידער אָפּגעבּן„, חה, זשיטאָמיר 1848,
בּ, ז, 208. „פֿונוואַנען איז געדרונגען דאָס ווען
אַפֿילו איינער זיצט און לערנט תּורה שהקבּ“ה
קובֿע לו שׂכר, אַז גאָט זעצט אָפּ פֿון זײַנטוועגן
שׂכר“, הרבֿ י. געלבּאָרט, ספֿר מעע)ה אָ□ות,
ווילנע 1880, ז, כד.

15. לייגן, אָפּלייגן, מאַכן עס זאָל אָפּשטיין,
זיך אָפּטיילן. „איך וואָלט יעקבֿ דיא קינדר פֿון

יוסף בּענשן... זולכשׂ בּײַא דיא שבֿטים פֿר
דרוס אַלז קנאה אָבּ זעצט דז ניט אירי קינדר
דערא גלײַכן גיבּענשט“, איבּז, יוסף
דארמשטאדט, ר, משה אַלשיך, תּורת משה, קאַרלסרוא
1770. „אין איר אויסגעמאַטערט פּנים האָט דאָס
לעבּן אָפּגעזעצט אַ סך מער ווי צוואַנציק נײַן
יאָר“, מ דאניעל, דערציילונגען און נאָוועלן II,
כאַרקאָוו 1935. „די היסטאָרישע
אָפּשטויסכּוחות האַלטן אין איין אָ, די ייִדישע מאַסן
זינט גלות בּבֿל“, בּרוס, בּײַ די טײַכן פֿון
פּאָלעסיע, ז, 7.

אָפּזעצן

16. אַוועקלייגן, אָפּלאַגערן. ״ער שרײַבּט מיר
... דאַס ער אָפֿגעזעצט האָט בּײַ הערן
בּענדענזאָן פֿאַר מיר בּאַזונדערע וואַרע“, לאַל,
ווילנע 1887, ז, 20. „ווער עס האָט געהאַט
עפּעס פֿון דער דאָזיקער סחורה, פֿלעגט קומען
און עס אָ, בּײַ פּֿרצן“, מוק, י ל פּרץ און דאָס
ייִדישע טעאַטער, ז, 255.
17. אויסשפּרייטן און אײַנשטעלן (אַ נעץ).
„ער איז געווען דאָרט פֿון די ערשטע פֿישערס.
זײַן זאַוואָדעווען, זײַן אָ, אַ נעץ האָט געהאַט

אַ שם“, א קארפּינאָוויטש, בײַם ווילנער דורכ—
הויף, תּ“אָ 1967.

18. אײַנזעצן, אײַנפֿלאַנצן. “[אַן] אָפּזעצער איז... [אַ] צווײַגל, וואָס ווערט אָפּגעזעצט (אײַנגעפֿלאַנצט) באַזונדער און... ס'אַנטוויקלט זיך [פֿון אים] אַ נײַער פֿלאַנץ“, י. ראַסיין, די שענסטע צימער בלומען, קאָוונע 1932.

19 פֿאַרענדיקן זעצן. או סזעצן. אָ, דעם
.
גאַנצן מאנוסקריפּט.

2O. מאַכן אַן אָפּשטעל, אַ הפסקה. „מאַן ברוך אָפּצוזעצן צווישן (מלך) העולם, דאָס מאַן ניט זאָל זאָגן מלך חולם„, א. ברודא, הליכות עולט, אונגוואַר 1864, ה/ב.

21. פֿר. דזוו אָנזעצן. נר. הכה שאול באַלפֿיו ודוד ברבֿבֿותיו — ר, שאול האָט אָפּגעזעצט פֿילע טויזנטער, ר, דוד פֿילע צען טויזנטער“, ווארש ויער יודישע צײַטונג, 26 1867, No.
“מרבה בהוצאות הבית... איבער זײַן יכולת ,.. מיז ער פֿיל געלט אָ,“, יצחק האַמבורגער איבז, שיח יצחק, לעמבערג 1876. „וואָס האָט דען מיר געשאַט, אַז דער קאָמיסיאָנער האָט דאָרט אָפּגעזעצט און איך האָב אים גע רשנט בחייו“,

א. מאָרגענשטערן, עגל הזה, וואַרשע 1898,

ז, 93.
אָפּזעצן זיך — אוטוו ← דפּוו 1.
אײַנשטעלן זיך. אָפּטײלן זיך פֿון דער שווערערער
מאַסע אין אַ מישונג. „ווען דער מאַטער אַל
׳
ווערט צעלאָזן אין אַ פֿליסיקייט זעצט זיך
אונטן אָפּ דער שווערערער באַשטאַנדטייל“.
פֿאַרן אײַננעמען — אויפֿטרייסלען די מיקסטור
— „
כּדי דאָס געדיכטע וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט
אונטן אין פֿלעשעלע זאָל אויך זײַן אין דעם
לעפֿעלע מעדיצין". „די פֿײַכטקייט אין דער
לופֿט... זעצט זיך אָפּ אין געשטאַלט פֿון
טראָפּן... און דאָס איז דער טוי“, פּרץ, '
פֿענדע־סיעקל'. „אָט דאָס זײַנען די טראָפּנס וואָס
האָבן זיך אָפּגעזעצט אויף די ווענטלעך פֿון
פֿלאַש“, חיה זעלדעס, ווינטער אבענדען, וואַרשע
תּרנ“ח, ז, 108. “וואָס ווערט פֿון מילך אַז זי
ווערט זויער? זי זעצט זיך אָפּ און ווערט
צעטײלט אויף... זויערמילך און... סיראָוואָטקע.
מיט בלוט פּאַסירט דאָס זעלבע פֿריש בלוט
.

ווערט אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿאַרבאַקן, זעצט
זיך אָפּ ווי מילך אויף צוויי טיילן", ד. מאָרדפֿין
(בעאַרבײַטעט נאָך לונקעוויטש), די לעהרע פֿון
לעבען, בערלין תּרנ"ח. "דער זאַפֿט פֿון טרויבן
... הייבט אָן צו גערן [=יערן]... עס בילדעט
זיך אין אים ספּירט און אויף דעם דנאָ פֿון

1793

געפֿעס זעצט זיך דאַבײַ אָפּ אַן עטוואָס
געלבלעכער קערפּער, וועלכן מיר רופֿן: הייוון",
יעzראַל צינבערג, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט,
קראָקע תּר"ס, l899. „ווען אין דער אורין
געפֿינט זיך אײַן ווײַסל,.... זעצט זיך דאָס
דאַן אויפֿן דעק פֿון רערל אין געדיכטע ווײַסע
פֿלעקן אין דער פֿאָרמע פֿון שטיקלעך שניי",
בלעטער, No 37. „די קיך־אויסדונסטונגען און
דער דאַמף פֿאַרדאַרבן די לופֿט און זעצן זיך אָפּ
אויף אַלע זאַכן,„ דר, מ. גאָטליעב, פּאָפּולער
אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע 1908, ז, l6. „אויב
די האַרטקייט פֿון וואַסער קומט פֿאָר פֿון דעם
וואָס ס'געפֿינען זיך אין אים קוילנזויער קאַלך
... וועט דער קז"ק בשעתן איבערזידן דאָס
וואַסער און אַרויסטיילן דעם קז"ק זיך אָ,

בצורת אָנזוד, זיד־שוים, און דאָס וואַסער וועט
וערן ווייך‘‘, ל. מאַלטשעווסקי און ג.
יאַקאָבסאָן, אייניקע פשוטטטע עקספּערימענטן פֿאַרן
עלעמע[טאָר־לימוך, איבן, אונטער דער רעך.
פֿון ד. האָכבערג, מאָסקווע 1920. פֿיג. ,,ער איז
אַוועק און אַ היפּש ביסל ביטערקייט האָט זיך
אָפּגעןעצט אין אָט דער יום־טובֿדיקער שטוב‘‘,
י. אָפּע, אין קעסל גרוב, מאָסקווע 1929, ז,

126. ‘‘דאָס געפֿיל האָט זיך שוין... אָפּגעזעצט,
געוואַרן מער אַבסטראקציע‘‘, קאָר II, ז, 178.
‘‘מע פֿלעגט... ארײַנברענגען אין רוסיש
געוויסן טערמינאָלאָגישן וואָרטשטאָף... ,
טײַלמאָל מעכאַניש אריבערנעמענדיק עס... האָט
זיך אין רוסיש טאַקע אָפּגעזעצט אַזאַ ביסל
אָנגעהויערטע, אָנגעוואלגערטע טערמינעס‘‘, ע
ספּיוואק, ,טערמינאָלאָגיע', אפֿן שפּראַכפֿראָנט
No 3־4, קיִעוו 1935. ‘‘ניין, צו זיי [די שׂונאים]
כ'האָב ניט געטענהט — צו פֿיל זיך געשעצט;
זייער שאָטן אויף מײַן שײַן האָט זיך ניט
אָפּגעזעצט‘‘, האל, מײַן אוצר, מאָסקווע 1966,
ז, 97.
2. זיך גרינג פֿאַרקויפֿן, זיך פֿאַרשפּרייטן.
,,די סחורה זעצט זיך גיך אָפּ, ממש מע

צעצוקערט זי“. אָ, זיך אין גלײַכן געלט. „די טויזנטער פֿלוג־בלעטער האָבן זיך אָפּגעזעצט אין איין וואָך„.

3. אײַנפֿונדעווען זיך, פֿאַרפֿעסטיקן זיך. „נאָך דער תּקופֿה פֿון מאַסן־עמיגראַציע האָט אין לאַנד זיך אָפּגעזעצט אַ נײַער שטייגער לעבן“. „אין עטלעכע טעג אַרום, אַז די ערד זעצט זיך אָפּ אַ ביסל, רוקט מען איבער אַ ביסעלע דעם ערשטן איבערבונד“, מ. וועללער, ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד, ווילנע 1900, ז, 30.

4. צוזעצן זיך. זעצן זיך אָפּרוען. „קינדער זעצט זיך אָפּ דאָ אויפֿן גראָז זיך אָפּצורוען נאָכן לאַנגן מאַרש“. „עס האָט זיך אים אָ□־ געטראָפֿן אַ בענקל אויף אַ בולוואַר און ער האָט זיך אָפּגעזעצט“, מ. ט□.טש□ אַרום דעם פֿאַבריק, מינסק 1929, ז, 15.

5. זעצן זיך באַזונדער, אָפּגעזונדערט. „זוא איז (רבי עקיבֿא) גנגין אונ, האָט זיך שוואַרצי קליידר אָן גטאָן אונ, האָט זיך מיט אײַן שוואַרצן טוך בדעקט... אונ, האָט זיך פֿון

אָפּזשאַרען

ר, אליעזר אָכ גזעצט פֿיר אילן, דען מן טאָר

אין דיא פֿיר אילן ניט גין פֿון איינם דער (מנודה) איז,,, מהמ, אַמסtט 1722, נו/א.

6. באַזעצן זיך. אײַנאָרדענען זיך. ,,די דאַכלאָזע, אָפּגעריסענע קינדער האָבן ביסלעכווײַז זיך אָפֿגעזעצט אין קינדערהיימען“, מ. דאַניעל, דערציילונגען און נאָוועלן II, כאַרקאָוו 1935.
“ד אַרבעטקראַפֿט [פֿון די דערפֿער] האָט זיך ,
אָנגעהויבן אָ, זיך אין די קאָלווירטן“, א. קאַנטאָר איבז, שמועסן וועגן לעניניזם, מאָסקווע 1943, ז, 182.

7. אָפּגעטראָגן ווערן. זיך צערײַסן. די זוילן זעצן זיך גיך אָפּ.

8. זיך אָפּקלאַפּן. ,,די פּילקע האָט זיך אָפֿגעזעצט אין (אָן) שטאַנג פֿון טויער“.
־ונג. ־עכץ. ־עניש.

אָפּזעצער — דער, ־ס. 1. פּר אָנזעצער. באַנקראָטשיק. נר. ,,איך האָב מיר פֿאָרגענומען עס זאָל מיך נישט אַרן יענעמס געוויין, כאָטש מע וועט אויף מיר שרײַען דו אָ', דו רוצח“, מ. שלײַפֿשטיין, דער באנקראָט, וואַרשע 1884, ז, 21. ,,אַ מעשׂה נורא פֿון שמערל אָ', ווי זשאַנדאַרן און פּאָליציי זענען צו אים געקומען און בײַ אים אַוועקגענומען קישן און

איבערבעטן, טישן און בענק“, ז מוירער, ז - נישט
קיין וואוילער יו[ג II, טאַרנאָוו 1925, ז, 36.
2. פּאַסער. ווער עס קויפט געגנבֿעטע
סחורות.
3. אָפּפּלאַנץ. ← אָפּצווײַג. טייל פֿון אַ
געוויקס, וואָס פֿון דעם קען אַרויסוואַקסן דאָס
גאַנצע געוויקס. טייל פֿון אַ געוויקס וואָס מע
פֿאַרפּלאַנצט אין אַ טאָפּ. „האָב איך בײַ באַשען
געזען אַ וואַזאָן! זי האָט מיר צוגעזאָגט צו
געבן דערפֿון אַן אָ"“. „ווי אַזוי שאַפֿט מען זיך
אײַן נײַע צימער־בלומען?... פֿאַרמערן די
אייגענע פּלאַנצן מיט זאָט, מיט אָפּגעקנײַפּטע
יונגע פּלאַנצן (שפּראָצן), אָדער, ווי מע רופֿט
זיי פינקטלעכער, מיט אָ'ס אָדער אָפּפּלאַנצן“,
י. ראַסיין, די שענסטע צימער בלומען, קאָוונע
.1932
אָפּזעצעריי — די, ־ען. 1. דאָס אָנזעצן,
-
באַנקראָטירן. „און, דורך זײַן רובונג און, אָב
זעצרײַא אין ער זער בקענט געוואָרן און, עשׂ
גזעלטין זיך צו אים פֿיל שעלמין און, גנבֿים
די עז מיט אים וואַרן האַלטן“, שאַר, כג/ב.
2. די קונסט פֿון פֿאַרקויף.
אָפּזשאַווערן — טרוו & אוטוו ־ווער אָפּ,

.

~געזשאַוועט. ראָסטן אָדער מאַכן עס זאָל ראָסטן.

אָפּזשאַלעווען — טרוו ־ווע אָפּ, □, געזשאַלעֿ.

וועט. 1. זשאַלעווען, ניט וועלן אויסגעבן, אָפּשפּאָרן. „ער פֿרידמאַן, קען אים יעצט העלפֿן,

,

ער דאַרף נאָר אָ, דעם רובל“, אַר, 'דער ליגן'.

2. סל. אַפּעלירן צו אַ העכער געריכט.

אָפּזשאַדען — טרוו. ־רע אָפּ, ~געזשאַרעט. סל. אָפּבּרענען, אָפּסמאַליען.

אָפּזשומען

אָפּזשומען — אוטוו. ־מע, אָפּ, ~געזשומעט. אויפֿהערן זשומען. „זי האָט רעכט... האָבן די פֿויערים אָפּגעזשומעט און זײַנען אַוועק“, מ. אראָנסקי, קאמבל און זײַנע פֿײַנט, קיִעוו 1939.

“אירע ווערטער... האָבן אָפּגעזשומעט“, י יאנאַסאָוויטש, אַ שטוב אין שטעטל.

אָפּזשיגאַנעווען — אוטוו ־נעווע אָפּ, ~ געזשיגאַנעוועט. □a.rנ□]□נ□:□:□ □<.

אָפּקנאַלן. אָפּקנאַקן. אויסווײַזן בריהשקייט. זיך

אַרויסשטעלן וו אַ קנאַקער. ,,האָבן [זייער
י
שלאָפֿצימר] באַהאַנגען מיט פֿאַרשיידן־קאָליריקע
דעקן. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צו זיי יאַטן
פֿון די איבעריקע צימערן. יעדערן האָט זיך
געוואָלט אַ קוק טאָן אויף זייער שלאָפֿצימער.
— אָט אָפּגעזשיגאַנעוועט אַ ביסל!,,, איבז, א.
מיקיטענקאָ, פֿרילינג, קיִעוו 1935.

אָפּזשימען ־. אקוזוו ־מע אָפּ, ~געזשימעט.
בעס רומ   אָפּהוליען. ״אַז אויף אַ חתונה
האָט מען זיך אָנגעהוליעט, גיט מען אַ זאָג
אָפּגעזשימעט אַ חתונה'״, אפֿא, איק, ר״ה
,

תּשכ״ז.

אָפּזשיפּען — אוטוו. ־פּע אָפּ, ~געזשיפּעט.
פּפּ: ־י,זשיפּניען.   קוים אָפּעטעמען. קוים
איבערכאַפּן דעם אָטעם. אָפּדיכען. מע לאָזט
מיך ניט אָ, נאָך דער שווערער אַרבעט.

אָסזשירען — טרוו ־רע אָפּ, ,געזשירעט.
.
פּ. ~זשירירן. גאַראַנטירן מיט אַ חתימה
אויף דער צווייטער זײַט פֿון װעקסל.   מיט

ז י ך — אײַנשטעלן זיך, אָפּזעצן זיך. ־רירונג.
אָפּזשירען — טרוו. ־רע, אָפּ, ~געזשירעט.
סל. שטאַרק פּעט מאַכן. אָ, דאָס ייִנגעלע ווי
אַ פּאַמפּעשקע. אָ, גענדז.
אָפּזשמיקען —־ טרוו ־קע אָפּ, ~געזשמיקעט.
-

[illegible]. אוקר 1. אָפּקײַען.
2. אָפּקוועטשן. 3. אויסקוועטשן. אָ, וועש.
אָפּזשערעבען זיך — אוטוו ־בע זיך אָפּ,

.

זיך ~געזשערעבעט. געבערן אַ זשערעבטשיק.
„דערויף האָב איך אים געלערנט פֿאַר אַ
בעלמלאָכה, כּדי וואָלט ער בעסער א קוזניע געעפֿנט,
ער וואָלט פֿאַרדינט. כ'וואָלט געקויפֿט נאָך אַ
פֿערדל, די שקאַפּע וועט זיך אָ',,, ע גאָרדאָן,
אינגול באָיאר, מאָסקווע 1935.
אָפּהבֿדעווען — [... כאַבאַ'דעווען]. 1. אַקוזוו
אָפּטײַטשן אַלץ אויפֿן שטייגער פֿון דער
חבֿדישער שיטה. אָ, חסידות. אָ, שיטת האַר‘‘י.
2. אוטוו. א לענגערע צײַט זיך אויפֿפֿירן ווי
א חבֿדניק. אָ, פֿון די יונגע יאָרן אָן.

-

אָפּהבּר — [אָפּכאַווער] דער, ־ים [...
כאוויירים]. וונ — טע, ־ס. אינכּעסער, בּרוֹגז
געוואָרענער וואָס וויל ניט קענען מער
געווען‌ענעם חבֿר. ווערן אָ'. „צווישן זיי איז געוואָרן
אָ'“. „זײַט איר געקומען אונדז צו מעלדן דאָס
איר זײַט שוין מיט אונדז, ווי מע זאָגט, אָ'?“,
אמד, דער סולטאַן, ווילנע 1895. “דו בּיסט מיר
אַ שלעכטער, און מער נישט, גענוג, / איך וויל

1794

דײַנע טרוימען נישט הערן. / און ווסטו מיר
ווײַטער נאָך זײַן אַזוי קלוג, / אָ, וועל איך מיט
דיר ווערן,„ דא, ,צערינענע טרוימען'.

-

אָפּהבּרן זיך — אוטוו ▯ אויפֿהערן זיך חבֿרן.
„מיר זײַנען אַריבּער אין אַן אַנדער געגנט
און אונדזערע מיידעלעך האָבּן זיך אָפּגעחבֿרט“.
זיך פֿאַרליבּן אין דער זעלכּיקער מיידל און

זיך אָ,.
אָפּהגאן — [... כאָגען]. אוטוו חגא אָפּ,
, געהגאט. חגאן אַ לענגערע צײַט אָדער
אויפֿהערן חגאן. זיך וואַלגערן אין רינשטאָק
נאָכן אָ, מיט אַ בוטל בראַנפֿן.
אָפּהד־גדיאָן — [... כאַדגאַדיען]. אוטוו.
חדגדיא אָפּ, ~געחד־גדיאט. אָפּזיצן אין קאָזע,
אין תּפֿיסה. אָ, עטלעכע וואָכן פֿאַר גאָרנישט.

-

אָפּהובֿן — [... כויוון] טרוו. חובֿ אָפּ, ..,
גע־־
חובֿט. פּפּ. ~הו כען. אַנטחובֿען. באַפֿרײַען
פֿון אַ חובֿ פֿון חובֿות. ,,אַנשטאָט דעם [
אַנט,
חובֿען] איז אוודא אַ סך בעסער צו ניצן
אָפּי
חובֿען... ממילא אויך אָ'', מוו, ייִפֿאַ 4 (14),
ז, 101.
אָפּהוזקן — [... כויזעקן] אוטוו חוזק אָפּ,

י,,געהוֹזקט. בייז אָפּלאַכן. אָפּשפּעטן,
אָפּשפּאָטן. ,,דער שטאַרקער חוזקט אָפּ פֿון
שוואַכן“. שטעכווערטלעך וואָס חוזקן אָפּ. “די
יוגנט לאַכט פֿון דער עלטער, די עלטער חוזקט
אָפּ פֿון דער יוגנט“, שוו. ,,דער שלאַפֿער ייִאוש
פֿון אַ פֿאָלק וואָס זײַן לעבן איז געוואָרן...
גוט נאָר אויף אָפּצוחוֹזקן דערפֿון“, בעמ I,
ז, 49. ,,האָסטו געמאַכט אים אויסצודרייען,
אָפּגעהוֹזקט, אָפּגעשפּעט“, הר, הרודעס, 'בער
האָט חתונה בשתּיקה'.
־ונג — ,,ניט קיין וואָלוועלע וואָדעווילישע
אָ'“, א גאָרדין, יאנאָווסקי... , ל אַ 1957,

ז, 282. —ער — אַן אָ, פֿון ייִדישן לעבן“,
אָר, 12 1962 III.
אָפּהולהן — [... כוילען] אוטוו. חולה אָפּ,
~געהוֹלהט. אַ לענגערע צײַט זײַן אַ חולה.
אָ, עטלעכע יאָר און זיך אָפּטראָגן. ←
אָפּכאָליען.
אָפּהומראן — [... כומרען] טרוו & אוטוו.
חומרא אָפּ, ...,געהומראט. אָפּפּסקענען לויט
דער האַרבקייט פֿון דין. כסדר פּסקענען
לחומרא. אָ, בײַם פּרק ווער איז אַ ייִד. אָ, (אין) די

פֿאַמיליע־פֿאַרהעלטענישן.
אָפּהומרן — [... כו'ימערן] אוטוו & טרוו.
חומר אָפּ, ◌י.,געחוּמרט. 1. אָפּעסן זאַט. זיך
גוט אָנעסן. "נו, שוין אָפּגעחומרט?" 2.
צערײַסן, צעפּליקן. צעטראָגן, אָפּטראָגן. אָ, אַ
מלבוש, מאַכן פֿון אים אַ שמאַטע. פֿרל:
אָפּכוימלען. אויך מיט ז י ך. ־ניש.
אָפּהונפּן — [.... כוי'נעפּן] אוטוו. הונף אָפּ,
◌,געהונפּט. זײַן כּסדר אַן אונטערלעקער,
אַ חונף. אָ, דעם רײַכן שווער און אָפּשעלטן
זײַן טאָכטער.

אָפּהזרן

◌

אָפּהוסשן — [... כוי'פּעשן] אוטוו. חופּש אָפּ,
~געחופּשט. א"י. פֿאַרענדיקן די וואַקאַציע(ס).

„די מנהיגים האָבן אָפּגעחופֿשט און... מען
אַמפֿערט זיך שוין ווידער אַרום די
מיניסטאָרןבענקלעך“, בליצן, אויג'־סעפּט, 1961.
אָפּהוצפּהן — [... כוצפּען] טרוו ־פּה אָפּ,
~געחוצפּהט. אָפּנאַרן, אַרײַננאַרן מיט
חוצפּה. אָ, דעם קונד, אים נעמען אויף נומער זיכער.
־ניש.
אָפּהוקרן — [... כוי'קערן] טרוו. חוקר אָפּ,
געח[illegible]קרט. אָפּרעכענען, איבעררעכענען. „
אָפּגעהויקערט איבער די ביכער און אָפּגעחוקרט
אַלע חשבונות“.
אָפּהורשן — [... כוי'רעשן] טרוו חורש אָפּ,
[illegible]..־,געחורשט. פּפֿ [illegible]י.'הרשן. אונטערקויפֿן.
געבן כאַבאַר, שווײַג־געלט. אָ, דעם סטראַזשניק,
דעם ספּראַאווניק, דעם פּאָליציסט. אַזאַ וואָס מע
קען מיט קיין געלט נישט אָ'. אָ, דעם אָדון
הגדול אַליין, ער זאָל ווערן בלינד און טויב.
אָ, מיט אַ פֿלעשעלע י“ש. אָ אַ קנעפּל מיט אַ
,
קערבל. „אַ הונט קען מען ניט אָ, מיט אַ
טרוקענעם ביין“, שוו „אַ גרעסערער... ווערט
אָפּגעחורשט מיט אַ צענערל“, ב. דעמבלין,
ער[illegible] נאַכט, ת אָ 1954, ז, 71. „האָט געמוזט אָ,

„
שׂררות, אָפּשרײַען גזירות, אַרײַנרוקן לאַ־
יחרץגעלט אַן אַסעסאָר, אַ מאַרשאַל“, באַש, גק,
No 61. ־ונג.
אָפּהושכן — [... כוי'שעכן] אקוזוו, אוטוו.
הוֹשך אָפּ, ~געהוֹשכט. אָפּפֿינצטערן. לעבן
אין מאַטערניש, אין פֿינצטערניש. אָ, אַ לעבן.
אָ, די יאָרן. אָ, אין תּלמוד־תּורה. אָ אַלס
לער,
לינג בײַם בעל־מלאָכה. „מער ווי 17 יאָר האָב
איך אָפּגעהושכט אַ פֿינצטערע אומגליקלעכע
עגונה“, ע ב [עוזר בלאָשטיין], אונטער דער
חופּה, ווילנע 1893, ז, 5. “הונדערטער ערלעכע
אַרבעטער וואָס הוֹשכן אָפּ זייער גאַנצן לעבן
אין פֿאַבריק איבער די שטיקל טרוקענע ברויט“,
דער שטאָדט־מגיד, ווילנע 1898; [לאָנדאָן?].
„... אָפּגעהוֹשכט בײַ די מאַשינעס אין ענגע
צימערן“, בעמ ◌I, ז, 124. „דער למדן און
כּשרער ייִד האָט בײַם נגיד אין גאַרבערײַ
אָפּגעהוֹשכט זײַנע טעג פֿאַר רובלעס דרײַ“,
יחיאל לערער, מײַן הייס, וואַרשע 1936־37.
־ניש.
אָפּהזירן — [... כאַ'זערן] טרוו. חזיר אָפּ,
◌געהזירט. 1. אָפּברודיקן. שטאַרק

אָפּשמוציקן. אָ, דאָס פּנימל. אָ, די מלבּושים אַז עס
איז אַ בּזיון זיי אָנצוטאָן. 2. אָפּפּוּשערן,
קאַליע מאַכן אַ שטיק אַרבּעט. אָ, אַ פּאָר שיך,
אַ מלבּוש, אַ שטיקל מעבּל אאזוו. אויך מיט
ז י ך ־ונג. ־ניש.
אָפּהזרן — [... כאַ'זערן] טרוו. חזר אָפּ, ...,,
געחזרט. פֿאַרענדיקן איַינחזרן, איַינלערנען.
איבּערחזרן. אָ, די סדרה פֿאַרן פֿאַרהער. אָ, די
פּרשה. אָ אַ בּלאט גמרא. ,,נאָכדעם ווי ער

,
פֿלעגט אָ, די חסידות, פֿלעגט ער זינגען אַ
ניגון און גיין אַ ריקוד“, לדבּ, נ,,י תּשי“ז, קצד.

אָפּהיבּורן

אָפּהיבּורן — [... כי'בּערן] אוטוו. חיבּור אָפּ,
~געחיבּורט. 1. אַ לענגערע ציַיט זיך
פֿאַרנעמען מיט שאַפֿן (שריַיבּן) אַ חיבּור אָדער
חיבּורים. אָ, ד אַלע יאָרן פֿון זיצן אויפֿן
י
כּסא־הרבּנות. 2. אויפֿהערן צו שריַיבּן
חיבּורים. אויך מיט ז י ך.
אָפּהידושן זיך — [... כי'דעשן] אוטוו. זיך
שטאַרק וואונדערן. בּאַטראַכטן עפּעס וו אַ

י

חיווש, ווי אַ נײַס, אויך ווי עפּעס וואָס דאַרף
ניט זײַן. געווײנטלעך אין פֿאַרבינדונג מיט:
נ י ט ק ע נ ע ן. קוועטשן מיט די פּלייצעס
און ניט קענען זיך אָ, פֿון משונהדיקע
גענגעלעך. „האָבן זיך ניט געקענט אָ, ווי אַזוי...
האָט זוכה געווען צו באַקומען פֿון אים אַ
כּתבֿ„, אמד, דער שנאָרער, ווילנע □186. „די
פֿראַנקפֿורטער ייִדן האָבן נישט געקענט אָ, זיך
פֿון ר, נפֿתּלים צידקות„, פּסח מאַרקוס, טמז,
14 □3□19 I.

אָפּהיטשען — [... כײַטשען] טרוו. ־טשע
אָפּ, □י, „געהיטשעט. פּפֿ ~הײטשען. פֿטמ.

□־

דזוו אָפּהיהן. „עטלעכע מאָל אָפּגעשריגן,
פּשוט אָפּגעשריגן פֿון טויט, אָפּגעהיטשעט ווי
מע היטשעט אָפּ אַ קליין צעטראָטן הינדעלע„,
שע, טבֿיה, 'חוה„. אויך מיט ז י ך — אָ, זיך
מיט אַ ביסל בראַנפֿן.

אָפּהיהן — [... כײַען] טרוו חיה אָפּ, □,
געהיהט. ← דפּוו ← אָטכאַיען, 862. 1.
ברענגען צוריק צום לעבן. אויפֿלעבן. אָ, אַ

האַלבדערפֿרוירענעם. אָ, אַ פֿאַרהונגערטן, אַ
פֿאַרוואונדיקטן. אָ, עמעצן וואָס האַלט שוין בײַ דער
גסיסה. אָ, מיט טרייסטווערטער, מיט אַ גוטער
בשׂורה. אָ, די שטוב מיטן אײַנהייצן די רובע.
„מע האָט דעם פּאַציענט געשטעלט באַנקעס,
געריבן מיט ספּירט און קוים אָפּחיהט“, י.
קאָפּעלאָוו, אַמאָל איז געווען „אַ קוואַטירעלע
בראַנפֿן... אויף שבת, איציק זאָל אָ, זײַן
פֿאַרשמאַכטע נשמה“, י. בודזאָהן, דער
גלאָמפּישקער פּרעזידענט, ווילנע 1927, ז, 18. “האָט
זיך אויף זיי מרחם געווען און האָט זיי
אָפּגעחיהט“, נס, 'מוסר'. „וואָס איז מיט די
דערפֿראָרענע הערצער און זייערע מיליאָנען וואָס
ער, און נאָר ער וואָלט געקאָנט דערוואַרעמען
און אָ'?“, ח ליבערמאַן, פּאָר, 17 XI 1961.
2. ספּעצ אָפּמינטערן. אָ, דעם פֿאַרחלשטן
מיט יום־כּיפּור־טראָפּנס. „מע האָט איר געריבן
די שלייפֿן מיט עסיק און שפּירטעס און קאַם
וואָס מע האָט זי אָפּגעחיהט“, א. י. סאַפּיר
אויס מינסק, חטאת הקהל... II, ווילנע 1881,
ז, 39. “אַוועקגעלייגט אים אויפֿן סאָפֿקע,
געמאַכט אַ גלאָז וואַרעמס, אים געגעבן צו שמעקן
קאַמפֿער און קוים־קוים אים אָפּגעחיהט“, פּ.
שטיינוואַקס, טאָג, 13 XII 1959.

מיט ז י ך — כאַפּן דעם אָטעם און זיך אַ,
אַ ביסל. קומען צו זיך און זיך אָ'. אַרײַנקומען
פֿון פֿראַסט און זיך אָ, מיט אַ הייסער גלאָז טיי.
,,האָט זיך אָפּגערופֿן דער לאַקיי וואָס האָט זיך
אָפּגעהיהט פֿון זײַן ערשטן שרעק,,, אמד. ,,מע
גיט דער קימפּעטאָרין אָ, זיך מיט

1795אײַנגע

מאכטס‘‘, ישׂראל רוחמו◌סקי, זכרונות פֿון מ◌.ן
לעבן, פּאַריז 1930.
—עניש.
אָפּהילופֿן — [... כי'לעפֿן] טרוו. חילוף אָפּ,
◌..,,געהילופּט. אָפּכײַטן. אָ, זלאָטעס אויף
דאָלאַרן. אָ, צענערלעך אויף אַ הונדערטער, אָ,
אַ הונדערטער אויף צענערלעך. איין טאָג קויפֿן
קליידלעך און אויף מאָרגן אָ, צוריק די
קליידלעך.
אָפּהיסורן — [... כי'סערן] טרוו. חיסור אָפּ,
~געהיסורט. (סוחריש) אַראָפּנעמען פֿון פּרײַז,
פֿון חשבון. אָ, די הנחה וואָס מע קריגט פֿאַרן
צאָלן במזומנים. אָ, די געוויינלעכע 15 פּראָצענט
וואָס עס קריגט אַ לערן אַנשטאַלט ־ונג.

-
.
אָפּהיריקן — טרוו. היריק אָפּ, ~געהיריקט.
בּעס, רומ אָפּנאַרן. בּאַשווינדלען.
אָפּהיתוכע(נע)ן — ← אָפּכיטכענען.
אָפּהכמהן זיך — [... באָכמען] אוטוו. חכמה
זיך אָפּ, זיך ~געחכמהט. 1. אָפּווערן זיך,
זיך אַרויסדרייען מיט אַ חכמהלע. אָ, זיך אין
אַ פֿאַרלעגנהייט. אָ, זיך ווען מע טוט עפּעס לא
כּדבּעי. אָ, זיך, ווען דער שטריק איז שוין
אויפֿן האַלדז.
2. ענטפֿערן מיט אַ חכמה(לע) אויף אַ
חכמה(לע). „איז זיך מיישבֿ גאָלדפֿאַדן און גיט
מיר אויסגאָב — איך איין חכמה און ער צוויי.
זיך אָפּגעחכמהט“, אי. דרוקער, קלעזמער,
קיִעוו 1940, ז, 134.
3. חכמהן זיך אַ לענגערע ציַיט אָדער
אויפֿהערן חכמהן זיך.
אָפּהלבֿן — [... כיי'לעוון] טרוו. חלבֿ אָפּ,
~געחלבֿט. אָפּשמירן מיט חלבֿ. אָ, די פֿאַן
און זי טרייף מאַכן.
אָפּהלומען — [... כאָ'לעמען] אוטוו, אקוזוו.
חלום אָפּ, ~געחלומט. 1. כּסדר אָדער אַ
לענגערע ציַיט פֿאַרבּרענגען אין חלומות,
פֿאַנטאַזירנדיק, זיך פֿאָרשטעלנדיק גוטס, גליקן אין

דער צוקונפֿט. אָ, אַלע יונגע יאָרן. „און איך און דו — מיר האָבן לאַנג / אין זוכעניש פֿאַרבראַכט, / און אָפּגעחלומט גאַנצע טעג / און גאַנצע נעכט געוואַכט“, יהואַש, בלומען און דערנער, ז, 217.

2. פֿאַרחלומטערהייט כּסדר טראַכטן וועגן עפּעס. אָ, בײַ דער גמרא וועגן אַ כּלה מיט נדן. „האָבן אָפּגעחלומט וועגן [וואָס האָבן געפֿירט פֿון שטעטל] פֿון יאַרידן מיט פֿולע דאָרפֿישע וואָגנס... אָפּגעחלומט פֿון באָרוועסע שיקסעפֿיס מיט שיך, פֿאַרוואָרפֿענע אויפֿן אַקסל“, פּמ, דאַר אויס — דאָר אײַן, כאַרקאָוו 1929.

מיט ז י ך — „דער סטעפּ האָט זיך שוין אָפּגעחלומט כּדי קיינמאָל מער ניט חלומען זיך“, י. פֿרידמאַן איבז, וול. לידין, שטילער אָדער גרוימער, מינסק 1936.

אָפּהלוצן — [... כאָ'לעצן] אוטוו, אַקוזוו.

חלוץ אָפּ, ־ ,געחלוצט. א,,י. אָפּלעבן ווי אַ חלוץ. „איך האָב פֿאַרן קומען אַהער און נאָכן

אָפּהמע(ווע)ן

קומען אַהער אָפּגעחלוצט דרײַסיק יאָר, אָבער מײַנע קינדער ווילן ניט אַזאַ לעבן“, רייד (

ירושלים).
אָפּהלפֿנען — ו... כאַ'לפֿענען] דזוו אָפּחילופֿו,
אָבער נאָר בשייכות מיט געלט.
אָפּהלקן — [... כאַ'לאַקן] טרוו. חלק אָפּ,
~געחלקט. א"י. צום ערשטן מאָל אָפּשערן
אויף אַ צערעמאָניאַלן אופֿן אַ ייִנגל פֿון דריַי
יאָר און אָפּגלעטן די איבערגעלאָזענע פּאהלעך.
[אין צ פּ ת פֿלעגט די צערעמאָניע פֿאָרקומען
ל"ג בעומר ביַי דער הילולא דר, שמעון בר
יוחאי אין מירון. מע נעמט צונויף אַלע
דריַיאָריקע ייִנגלעך און מע שערט זיי אָפּ; די האָר
וואַרפֿט מען אין פֿיַיער. מע טיילט כּיבוד פֿאַר
קרובֿים און געסט, דערביַי קריגן זיי דעם כּבֿוד
אָפּצושערן עטלעכע הערעלעך און אַ גלעט טאָן
די פּאהלעך.] אָ, ס'קינד. אָ, דאָס ייִנגל. אָ, די
פּאהלעך.
אָפּהלשן — [... כאַ'לעשן]. חלש אָפּ, ~
געחלשט. אוטוו — 1. (וועגן אַ גליד פֿון
קערפּער) דורכגענומען ווערן פֿון אַ
שטעכעניש און ניט קענען מער באַוועגן אַ גליד, ווי
עס וואָלט אַריַינגעפֿאַלן אין חלשות. גיין אַזוי
לאַנג ביז די פֿיס חלשן אָפּ. אַזוי לאַנג זיך
פֿאַרנעמען מיט פּ אַנאָ־געניטונגען ביז עס חלשן
י

□

אָפּ די פֿינגער. „ביידע הענט האָבן פֿלינק פֿאַרשלאָסן דאָס פֿולע פֿאַקעטל און אָפּגעוואָרפֿן עס... נאָר פֿאַרוואָס האָבן עס ראַפּטעם אָנגעהויבן אָ, די הענט?“, יודל יאָפֿע, פֿרישע קויכעס, מאָסקווע 1940.

2. אויפֿהערן צו זײַן שעפֿעריש. אַרײַנפֿאַלן אין אַ מצבֿ פֿון פֿאַרגליווערטקייט. אַ באַוועגונג וואָס חלשט שוין אָפּ. „א טעאַטער־קריטיקער האָט ניט וואָס צו טאָן, ווען דאָס טעאַטער פֿון זײַן צײַט... ווערט אויף אַ ווײַלע אָפּגעחלשט“, שנ. לעזער, דיכטער, קריטיקער II, ז, 458.

3. ניט קענען זיך צורירן [?]. „די הענט האָבן אָפּגעחלשט פֿון איר און זי איז געבליבן שטיין אומבאַרירט פֿון אים“, ב. באָטווויניק, געקליבענע ערצעהלונגען, נ"י 1948, ז, 41.

טרוו — 1. אַרויסבּרענגען פֿון צושטאַנד פֿון חלשות. אָ, עמעצן מיט חלשות־טראָפּנס. אָ, מיט אַ שעפֿל קאַלט וואַסער. „טראָג אים צו אַ גלעזעלע קאָניאַק מיט אַ קיכל אויף אָפּצוחלשן דאָס האַרץ“, בעמ □י, ז, 82. 2. אַרײַנבּרענגען

אין אַ צושטאַנד וואָס דערמאָנט אין חלשות.
זיצן פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס און אָ, אַ
פֿוס. אויך מיט ז י ך ־ונג.

.

אָפּהמורן — [... כאַ'מערן] טרוו. חמור אָפּ,
~געהמורט. >חמור = אייזל. אָפּנאַרן,
מאַכן צום נאַר(ן). אָ, עמעצן. "ס'איז גרינג
אָפּצוחמורן דעם אָנגעבלאָזענעם אָלרײַטניק, ער
פֿאַרשטייט ניט קיין וויצן". אָ, ביזן האַלבן טאָג.
אָפּהמע(ווע)ן — [... כאַמ...] אוטוו.
חמע(ווע) אָפּ, ~געהמע(ווע)ט. (אַ לענגערע צײַט)
זיך אויפֿפֿירן ווי אַ חם, אַ גראָבער־יונג. „מע

אָפּהמצן

טאָר אים ניט פֿאַרבעטן אין אַ לײַטישער מסיבה,
ער קומט אָ,".
אָפּהמצן — [... כאָמעצן] טרוו. חמץ אָפּ,
□,געהמצט. מאַכן חמצדיק. אָ, די געכשרטע
כלים. „גיי ניט אַהין אין ווינקל, וואו עס
שטייט דער פסחדיקער באָרשט, ועסט אים אָ,
חלילה„.
אָפּהמרן — [... כאַ'מערן] אוטוו חמר אָפּ,
~געהמרט. >חומר = שטאָף[?]. >חמר =

וויַין[?]. אָפּשלאָפֿן. אָפּפּאָפֿן. זיך אָנשיכּורן
און אָ, אַ נאַכט און אַ טאָג. „זיך אַוועקלייגן
אויף אַ בּאַנק אין פֿאַרק און אָ, צען שעה
דורכאַנאַנד“, בּאש, פֿאָך, 1970 □ 1.

□

אָפּהנסנען — [... כאַ'נפֿענען] אוטוו & טרוו.
חנפֿן & חנפֿע אָפּ, ~געחנפֿנט & געחנפֿעט. פּפּ
□ י„הניפֿהן. כּסדר, נאָכאַנאַנד חנפֿנען,
אונטערלעקן זיך. „נאָך דרײַסיק יאָר אונטערטעניקער
קריכערישער לעקער־דינסטע פֿון אונדזערע
'מאָשקעס'... צוליבֿ אָ, דעם פּריץ“, גרשס
בּאדער, יודישער פֿאָלקס־קאַלענדאַר, לעמבּערג
תּרע„ב.
אָפּהקרנען — [... כאַ'קרענען] טרוו. חקרן אָפּ,
□ ,געחקרנט. פּפֿ: ~הקירהן. 1. אויף אַ טיפֿן
אופֿן דורכאַנאַליזירן אַן ענין. אָ, די איצט
פּאָפּולערע שיטה. 2. אָפּשאַפֿן, פֿאַרניינען עפּעס
דורר א חקירה. דזוו אַוועקחקירה(נע)ן □ 84.
אָ, די וועלט וואָס מיר קענען זי דורך אונדזערע

חושים. געוויינטלעך מיט ז י ך — אַ לענגערע צײַט זײַן אַרײַנגעטאָן אין חקירות. אָ, זיך וועגן זאַכן וואָס זײַנען ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי.
—(ע)ניש.

אָפּהרפּה(נע)ן — [... כאַ'רפּע(נע)ן] טרוו.

חרפֿה אָפּ, □י,,געחרפֿהט. (זאַמעט, בֿיזן סוף 19. י״ה). אָפּֿרוישן אַ חרפּֿה. אָ, מיט געלט דעם נידעריקן אָפּשטאַם. אָ, מיט צדקה די אַמאָליקע זינד.

אָפּהרשן — [... כיי'רעשן] טרוו חרש אָפּ,

□,געחרשט. <חרש, שוטה וקטן. אָפּנאַרן פֿון קאָפּ בֿיז די פֿיס. אינגאַנצן צעטומלען עמעצן. אָ, דעם באַלעבֿעסל וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּ פֿון קעסט. אויך מיט ז י ך — ווערן זײַן קליגער ווי די גאַנצע וועלט און זיך אַליין אַ,. ־ונג.

אָפּהשבֿונען — [... כע'זשבֿענען] טרוו.

חשבֿון אָפּ, ~געחשבֿונט. 1. אַראָפּנעמען פֿון חשבֿון. אָ, די 10 פּראָצענט פֿאַר דעם וקאָס אין אין וועג צעבראַכן געוואָרן. אַ, כאָטש א הונדערטער פֿאַרן פֿאַרשפּעטיקן די ערשטע ליווערונג.

2. ענדגילטיק, לעצטגילטיק דורכפֿירן די חשבֿונות. פֿאַרענדיקן אַלע חשבֿונות. *״איך

האָבּ נאָך מיר דיר (מײַנע חשבּונות) ניט
אָפּגעחשבּונט“ = איך וועל נאָך זיך אָפּרעכענען
מיט דיר. „לאַחר זה האָבּ איך עם הקצין...
אָפּ גיחשבּונת אונ, אים וואָלין זײַן פּריוויסיאָן
[=פּראָוויזיע] כראוי צאָלין“, גה, 293. „דיא

1,.▯96

דרײַסיג ארלייא גישטאַלט פֿון חשבּונות דיא דר
מענש האָט אָבּ צו חשבּנן מיט זײַן זיל פֿון
גאָטש וועגן“, חה 1, קמ/בּ.

3. ליקווידירן חובֿות. אָ, אַלץ וואָס מע קומט
פֿאַרן אַוועקפֿאָרן. „אובּ איין יורש ווער אַנדערש
וואו אונ, וועלט זײַן חלק ירושה אַוועק נעמין,
דא איז ער מחויבֿ פֿור מיט דעם קהל אָפּ
חשבּנין„, תקק

4. צונויפֿרעכענען. מאַכן אַ סך־הכּל. „כּמה
אַשטייגער קאָנען אַזוינע זאַכענעס אַן ערך
האָבּן?... לאָמיר אים אָ': אַ מרכּבֿה, סוסים
כּך־וכך, אַ שווייצער... עולה סך־הכּל כּך־וכך“,
שמואל שײַן, דיא ירושה, דראָהאָבּיטש 1902,
ז, 21.

מיט ז י ך — זיך אָ, מיטן לעבּן. „
אַרײַנשפּאַרן מײַן סחורה... זיך אָ'... און זאָגן

אַז איך דאַרף שוין פֿאָרן“, ש. בעקערמאַן, דער טרײַער משרת, וואַרשע תרמ״ג, ז, 54. „אָ, זיך עפֿנטלעך מיט אַ ליטעראַט קומט אויס עפּעס קראַנטיש„, פּרץ, IX, געדאַנקען און אידייען, 'ציקאָ', ז, 96. ־ונג. ־ניש.
אָפּהשקן — [... כײ'שעקן] טרוו
דריטפּערזאָניק. מײַ פֿאַרלירן דעם חשק. ניט וועלן מער, ס'האָט מ י ך אָפּגעחשקט דערפֿון. אין מזרח־ייִדיש: מיט ז י ך — ס'האָט זיך מ י ר אָפּגעחשקט דערפֿון.
אָפּהתכן — [ּ.. כאַ'טעכן] טרוו חתך אָפּ, ~געחתכט. מײַ 1. אָפּשנײַדן. אָפּכיטכענען. אָ אַ שטיקל עפּל. אָ אַ המוציא פֿון לאַבן

ברויט. 2. שלעכט, אומגעראָטן אָפּשנײַדן. קרום אַ, אַ שטיק שטאָף.
אָפּהתמע(נע)ן — [... כאסמען] טרוו. חתמע אָפּ, ~געחתמעט. 1. אונטערשרײַבן (אונטער אַ דאָקומענט). אָ', אַוועקלייגן דעם טאַטן. אָ אַ

וועקסל, אַ זשירע. אָ, דעם אָפּמאַך. „איך זאָל האָבן אַזוי פֿיל וויפֿל מע וואָלט מיט דעם טינט געקענט אָ, טראַטעס“, ממוס, ווינטשפּ 2.
אָפּזיגלען, פֿאַרזיגלען. „ראָש־השנה ווערט דער גזר

אָנגעשריבן, יום־כּיפּור ווערט ער אָפּגעהתמעט“.
3. פֿאַרזיגלען פֿאַרחתמען. אָ, דעם געפֿונענעם

.

קאָנטראַבאַנד. אָ, די אָרעמע בעבעכעס. אָ, די
קראָם פֿאַר די ניט־געצאָלטע שטײַערן.

מיט זיך — זיך אָ, ווי צו פֿירן דאָס בשותּפֿישע געשעפֿט. „דער מלך מיט אַלע שׂרים האָבן זיך געהתמעט אויף דעם כּתבֿ... ווי זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעהתמעט...„, איבז, סיפּורי מעשׂיות, לעמבערג 1881. „אַז איר וועט אָפּשרײַבן, וועל איך זיך אָפּהתמענען“, שע, 'וויגרישנע בילעט'.

אַפּט — גנ. ייִדישער נאָמען פֿון דער קרײַזשטאָט י a]O ראָדעמער געגנט, פּוילן.

[שטאַמט ניט פֿון דײַטש, לויט מווג I, ז, 292.] פֿון די עלטערע אײַנגעפֿונדעוועטע ייִד, קהילות אין פּוילן.

אַ'ער צונעמענישן: אַ'ער גנבֿים; קלעזמאָרים; פֿליאַקעס; שליאַכעס; שמאָדערס; מושבֿים; שקצים; מתים; געבאַרקעוועטע.

אָפּטאַטיוו

אַפּט — אדי t□]a: □, □ □<. רומ   וואָס איז
פֿעאיק, ראוי.
אַפּט — דער, ־ן. Mhd: Abt.   הויפּט פֿון אַ
קאַטוילישן קלויסטער. „איין קליין מונכליין
זאַך צום ווענשׂטר אויש... און, זאָגט דעם אַפּט
מיט שרייאן און, וויינן. עשׂ שטיט איינר בֿור
דער טויר, דער גיט אויף ויר בּיינן“, בּ□א־בּוך,
□44.
אַפּטאָ — אַדי, אינוואריאַנט אויך: דער, ־ס.
שפּאָ   פֿעאיק, פּאַסיק מסוגל. צוגעפּאַסט. „ער
איז אַ, צו אַלע אַרבּעטן“. „די פּיעסע וואָס מע
שפּילט הײַנט אין טעאַטער איז נישט אַ, פֿאַר
מינעריעריקע“.
אָפּטאָגן — אוטוו אומפּ טאָג אָפּ, ~געטאָגט.
1. דורכלעבּן אַ טאָג. אָ, און אָפּנעכטיקן בּײַ אַ
חבֿר.   2. נעאָל אויפֿהערן זײַן טאָג. „ס'האָט
שוין אָפּגעטאָגט, נאָר נישט גענידערט האָט נאָך
די נאַכט“, אפֿא,   שקיעה
אָפּטאָוולען — טרוו ־וול אָפּ, □ ..־,געטאָוולט.
נעאָל.   1. אַרײַננעמען אין טאָוולען, אײַנבּינדן.
„דאָס בּוך איז שוין אָפֿגעדרוקט. מע דאַרף עס
נאָר אָ, און פֿונאַנדערשיקן“. 2. אָפּדרוקן אין
אַ בּוך. „איר מעגט אָ, אײַערע אינטערעסאַנטע

עסייען".
אָפּטאָוו ע — אדי. סל 1. הורטאָוונע, אַנגראָ. (היפּוך: לאחדים). אַן אָ'ע געשעפֿט. פֿאַרקויפֿן מעל אָ.. „אויפֿן אָפּטאָוואָ'י מאַגאַזינער שטעלט זיך דער מדרש פּאָ'פֿערעק:... וואָס דאַרסטו זיך אַזוי אויס דעם קאָפּ מיט די בעלי־חובֿות?", מ. דלוגאטש, וועלט מסורה, וואַרשע 1881, ז, 38. 2. כּוללדיק, ניט־אויסגעטיילט (בעסערע טיילן פֿון ערגערע). „אונדזער זאַוואָד... אַרכעט אויס ווייכע לעדער, אָ'ע און האַמבורגער קאָמפּלעקטן,„ די גארבער און בערשטער שטימע, מאָסקווע 1928, No 3 (11).
־ניק. ־שטשיק — דער. „אַ שכן... פֿירט מיך אַרײַן צו זײַנעם אַ באַקאַנטן אָ'־ שטשיק און בעט אים ער זאָל מיך באַהאַנדלען פֿײַן", י א קאצאָוויטש, 60 יאָר לעבן, נ"י 1919, ז, 220.
אָפּטאָם — אדוו. "אין לאחדים פֿאַרדינט מען מער ווי ווען מע פֿאַרקויפֿט אָ',„ י. טרובניק, זשאַרגאָן לערער, וואַרשע 1886, ז, 26. „אין אַ. גוטע פֿאַרמעגלעכעווירטשאַפֿט... קויפֿט מען צוליב עקאָנאָמיע יעדער זאַך אָ, און דאָס טראָגט אויס פֿיל ביליקער,„ פּינסקער שטאָדט—לוח, תּרס"ג.

אַסטאַון — ← אַפּטאַ'ן.

אָפּטאַטיוו — דער, ־ן. <איי <ל
ספּעציעלער מאָדוס פֿון ווערבֿ וואָס דינט אויסצודריקן
אַ וואונטש, אַ פֿאַרלאַנג, אַ בֿאַגער. אין ייִדיש
ווערט דער אָ, אויסגעדריקט מיט דעם
הילפֿסווערבֿ ז אָ ל ן (אויך: ל אָ ז ן). „זאָל ער
מיך מיטנעמען קיין ארץ־ישׂראל!“. „זאָלן זיי
קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן מיט

אָפּטאָטשען

בֿלוטן פֿאַרטרונקען — איך שטרעק מיט אַ
שׂמחה דעם האַלדז זיי אַנטקעגן! און וואַרעם
זאָל פֿליסן אויך מײַן בֿלוט אַהין אין די ריינע,
אַהין אין די הייליקע בֿלוטיקע ימען פֿון דײַנע
מיל אָנען גיבֿורים און קדושים און פֿליסן
צוי
זאַמען!“, אַל III. דאָס וואָרט ה ל וו אַ י גיט
איבֿער אין ייִדיש די כּוונה פֿון אָ'.

אָפּטאָטשען — טרוו ־טשע אָפּ, ־יי ,געטאָטשעט.
1. אָפּשאַרפֿן. אָפּשלײַפֿן. אָ אַ מעסער. „קוים
,
קען ער אָ, אַ בֿאַליאַסקע מיט אַ העלצל פֿון א

קנאָפּ — אָהאָ, ער איז שוין אויס לערן־ייִנגל“,
ארז, קמ 2   .No. 32 ,1867. אָפּגריזשען.
אָפּדליבען. ־עניש.
אָפּטאָ'כעסן — ← אָפּתּחתן.
אָסטאַלעפּען — אוטוו ־פּע אָפּ, .־,
געטאַלע.
פּעט. פּפ: ,טעלעפּען. na.r]I .r:: .<.
אַ לענגערע צײַט אַרומגיין, אַרומשלעפּן זיך
מיט שווערע טריט, אין צעריסענע בגדים. „איך
האָב בײַ דיר נישט אַ רעכט קלײדל און נישט
אַ שטיקל צירונג און איך טאַלעפּע שוין אָפּ דרײַ
יאָר אין דעם אַלטן שקראַפּ אַז דאָס פֿלייש פֿאַלט
פֿון מיר„, ז. מוירער, זײַ נישט קיין וואוילער
יונג II, טאַרנאָוו 1925, ז, 45. ־עניש.
אָפּטאַלקעווען — טרוו. ־קעווע אָפּ, ~
געטאַלקעוועט. סל. (גראָדנע און אומגעגנט).
אָפּשטויסן. „ער האָט אַלעמען אָפּגעטאַלקעוועט פֿון
זיך און געבליבן אָן פֿרײַנד“.
אָפּטאָלקעווען — אוטוו ־קעווע אָפּ, ,
גע.
טאָלקעוועט. סל.   אַ לענגערע צײַט כסדר
באַטראַכטן, באַהאַנדלען אַן ענין. „
אָפּגעטאָלקעוועט אַ גאַנצן טאָג אין סוד אַהין און אַהער

און אָן אַ רעשעניע".

אָפּטאָ'מעט ער — דער, ־ס. <איי <גר.
אַפּאַראַט צו מעסטן די זעקראַפֿט פֿון אויג.
־ריסט, דער — ספּעציאַליסט אין
אָפּטאָמעטריע. ־ריע, די — פּראַקטיק אָדער פּראָפֿעסיע
צו מעסטן די זע־קראַפֿט כּדי צו פֿאַרשרײַבן די
נייטיקע בּרילן.

אַפּטאַ'ן — אדוו. דער, ־ס. אמ. פּפֿ. אַפּטאַון.
▯יo▯▯[u:▯<. שטאָט־אַרויף. אַרויפֿשטאָט,
העכערער טייל אין אַ שטאָט (געוויינלעך דער
מיוחסדיקער טייל). פֿאָרן א'. זיך אַרויפֿאַרבּעטן
און זיך אריבּערקלײַבּן א'. „אַז איך האָבּ מיך
אַרומגעקוקט, האָבּ איך דערזען אַז איך בּין אַ'",
י. בּאָוושאָווער, בּילדער און געדאַנקען, ז, 37.
„דער פּעדלער האָט אין זײַן האַנדלען־וואַנדלען
פֿון העסטער סטריט פֿארקליבּן זיך אַרויף אַ',„
מל, 'געוויין אויף מאַמע־לשון'. "מיטן וואַקסן
פֿון מײַן פֿראקטיק האַבּ איך איבּערגעמופֿט אַ'",
ה. אַטלאַס, טמז, 11 1965 III. ־ער, דער —
ווער עס וואוינט אַ'.

אָפּטאָן — טרוו טו אָפּ, טוען אָפּ; ▯.־,געטאָן,
▯,טוענדיק. on▯Iו abe :Mhd [אויסלייג ,
אָפּטון, נר אַרויסרייד: לאַנגע י, וואָו; אין לד אָ].

1. פֿאַרענדיקן טאָן. דורכפֿירן ביזן סוף. אָ,
אַ שטיקל אַרבעט. אָ אַלע געשעפֿטן. אָ אַ
,   ,

1□97

גוטע (שרעקלעכע) זאַך. דערזען, פֿאַרשטיין
וואָס מע האָט אָפּגעטאָן. „וואָס מע האָט
אָפּגעטאָן איז פֿאַרפֿאַלן“, שוו „ער האָט שוין
אַלצדינג אָפֿגעטאָן און איז ווי אַן אָפּגעשמיסן
קינד נאָכן אויסוויינען זיך“, ממוס, פֿישקע.
„איידער דו קוקסט זיך אום, האַסטו עס
אָפּגעטאָן און פֿאַרפֿאַלן — כאָטש קנייַפּ זיך אויס
די באַקן“, פּרץ, 'וועבער־ליבע'. „עס האָט
עפּעס אַ ווערדע בײַ אַזאַ עולם אָ, אַ גרויסע
שטיקל אַרבעט: דורכלייגן אַ וועג, אויסבויען
אַ גרויסע הויז, אָנקלײַבן אַ סך בהמות?“, די
מע□ה פֿון פֿיער ברידער, וואַרשע 1906, ז, 6.
„אין דער פֿאַרוואַלטונג זענען אָפּגעטאָן געוואָרן
פֿאַרשידענע נישט־אינגאַנצן כשרע מעשׂים“,
מוק, מײַנע באַגעגענישן, ז, 116. “ווען ער
פֿלעגט אָ, זײַן אַרבעט אין בית־מדרש, פֿלעגט
ער קומען אויף עטלעכע שעה צו זיך אַהיים“,
מ ווײַטמאַן, פֿון בריסק בין סעמיאַטיטש „אַן

אומגעניטער וועט פֿאַר אַ טאָג אָ, אין בעסטן
פֿאַל מערניט ווי □)85 פֿון דער אַרבעט וואָס
דער געניטער וועט מאַכן פֿאַר דעם זעלביקן
טאָג,', ט בערלס, מענטש־מאַשין, קיִעוו 1927,
ז, 76. ״און טויט איז ווי אַ חיה ווילד געקראָכן
און אָפּגעטאָן וואָסווילדע חיה טוט״, סעג,
איצטער, נ״י 1948, ז, 21. □אָ, עמעצן זײַן
לעצט(ע) רעכט = אים צוגרייטן צו קבֿורה,
מטהר זײַן, אָנטאָן תּכריכים אע *אָפּגעטאָן
ווערן = שטאַרבן [איידל, בלויז וועגן אַן
אַלטער פֿרוי. פּר.].
2. דורכפֿירן וואָס מע דאַרף טאָן, מע האָט
אַליין גענומען אויף זיך אָדער מע האָט
אויפֿגעגעבן. דורכפֿירן אַ שליחות, אַ באַשטימטע,
קאָנקרעטע אַרבעט. ״זאָרג זיך נישט, איך וועל
אָ, מ ײַ נ ס ״. „ווען ווערסטו אָ, ד ײַ נ ס?״.
״ער קען שוין גיין, ער האָט ז ײַ נ ס שוין
אָפּגעטאָן״. ״אַ פֿײַנע (שיינע) מעשׂה אָפּגעטאָן!״,
איר.   אָ, עמעצן זײַן רעכט = א) וועגן אַ

□

לעבעדיקן — כאַשטראָפֿן ווי ער האָט פֿאַרדינט,
אָנברעכן די ביינער, אָפּשמײַסן. „איך האָב אים
אַרײַנגענאַרט אין צימער אַרײַן. און אַז איר

וועט אָפּעסן אָוונטבּרויט וועט איר אים אַ, זײַן
רעכט“, ל יאָסעלאָוויץ, ר, עזריאל... , ווילנע,
ז, 6. בּ) וועגן אַ בּר־מינן — ◌ֻ. בּ 1. ,,
דערבּאַרעמדיקער גאָט! איך האָבּ אָפּגעטאָן מײַנס,
אַלצדינג אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן“,
ממוס, 'צוריק אַהיים'. ,,מיר וועלן טאַקע געבּן
אונדזער זשאַרגאָן אַ 'טשיסטע אָסטאַווקע, ווי
אַן... אינוואַליד. ער מעג זײַן אַ גאַנץ
בּכּבֿודיקער, אָבּער [ער]... האָט שוין זײַנס
אָפּגעטאָן“, א קאָטיק, הקדמה אין: חי“ח זעלדעס,
ווינטער אָבּענדען, וואַרשע תּרנ“ח, ז, 5. ,,די
שאַפֿונגס־שכינה איז ווי אַ מלאָך: אָפּגעטאָן
איר שליחות, גייט זי אַוועק און קערט זיך מער
ניט אום“, אבּאָ גאָרדין [שנ, קריטיק און
קריטיקער, בּ“א 1959, ז, 203]. ,,די ציפֿער האָבּן
אָפּגעטאָן זייערס דורך אַרויסבּרענגען אָנווײַזיקע
צאָלן“, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט, ז, 80.
,,ער האָט שוין אָפּגעטאָן אינגאַנצן די עבֿודה
פֿון דער מלחמה מיטן שלעכטס,,, תּניא, ז, 80.

אָפּטאָן

,,האָבּ איך אַליין אויף זיך גענומען צו אָ, כּל
עבֿודת־פּרך, נאָר איר פֿאַרגרינגערן דאָס לעבּן“,

האל, מ׳־ן אוצר, מאָסקווע 1966, ז, 219. ,,נעכטן
האָט ז אַלץ אָפּגעטאָן: איבערגעוואַשן דאָס
י

וועש נאָכן באָדן זיך, פֿאַררוקט אין אויוון אַ
טשאָלנט און אַפֿילו אַ פֿײַנקוכן אָפּגעבאַקן.
הײַנט קאָנען זיי שפּאַצירן ווי די פּריצים,,,
סאָוו, היימלאַנד, 6 1965, No.
3. דורכפֿירן עפּעס. פֿאַרענדיקן טאָן אויף גיך
(אָן איבערקלערעניש, אָן וואַקלעניש). אָ,
עפּעס איינס־צוויי־דרײַ. אָ, — און אַראָפּ פֿון
מאַרק. ,,אַז עס גייט אַן עסק — טו אָפּ אויף
גיך״, שוו ,,פֿריִער אָ, און דערנאָך אַ טראַכט
טאָן פֿירט פֿאַר דער צײַט אַוועק פֿון דער
וועלט״, שוו ,,דרײַ כּללים זאָל דער מענטש
אָפּהיטן: טאָן — ניט נאָכטאָן, טאָן — ניט אָ',
טאָן — ניט אויפֿטאָן״, ר, ישׂראל סאלאנטער.
,,באַדענק דיך אַ לאַנגע צײַט איבער יעדער זאַך
וואָס דו ווילסט טאָן, און דערנאָך טו עס אָפּ,
גיך און באַלד״, אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע
תרכ״ד. ,,הײַדאַ! פֿליט גאַלאָפּ, גאַלאָפּ פֿלינק
,
טוט אונדזער אַרבעט אָפּ״, ממוס, יודל.
4. אָפּצאָלן. צוריקצאָלן. טאָן עמעצן גוטס

פֿאַר גוטס, שלעכטס פֿאַר שלעכטס.
קאָמפּענסירן. פֿאַרגיטיקן. נקמה נעמען. אָ, שלעכטס
פֿאַר גוטס. אָ, גוטס פֿאַר שלעכטס. „קענסט מיר
גאָרנישט אָ'“. „מע האָט אים אָפּגעטאָן אַ
שלעכטע זאַך: באַגראָבן אין אָנטאָן“, רייד
(לויצק). “טאָן טאָר מען ניט, אָ, מעג מען“
[לכתּחילה טאָן עמעצן שלעכטס טאָר מען ניט,
אָבער אָפּצאָלן מיט שלעכטס פֿאַר שלעכטס
מעג מען]; „קיינער טוט ניט אָפּ יענעם, נאָר
זיך אַליין“, שוו. „זאָלסט ניט זאָגן: אַזוי ווי ער
האָט מיר געטאָן, אַזוי וועל איך אים אָ'...
איך וועל איטלעכן מענטש אָ, אַזוי ווי ער האָט
געטאָן“, מס, משלי תקע“ד. „האָט איר פֿאָטער
דעם פּריץ אַרויסגעהאָלפֿן אויס אַ נויט, טוט
ער... זײַנע קינדער אָפּ טובֿות“, יפּ, ז, 140.
„דער וואָס איז מעבֿיר אויף זײַנע מידות, דאָס
הייסט אַז איינער טוט אים שלעכטס, טוט ער
אים ניט אָפּ קיין שלעכטס, דאָס איז מען מוחל
אַלע זײַנע זינד“, משה בר, נתן נטע איבּז,
ש▯ט מוסר, סדילקאָוו תּקצ„ג. „זײַנע עלטערן
וועלן אָ, זייער פֿיל גוטעס דעם ווער עס וועט
אים העלפֿן“, אמד, איין שיינע און רעכטיגע
בעשר▯.בונג פֿון ארץ י▯ראל, ווילנע תּרכ“ד.
„האָב איך אָנגעטראַכט אַ רעה אויף דיר אַז דו

זאָלסט מיר אַזו אָ'?!“, ישרי ל, ווילנע 1867,
'

מג/א.
5. טאָן שלעכטס. פֿאַרשאַפֿן שאָדן, מאַטעריעלן אָדער גײַסטיקן. אָ, עפּעס אין קאַלט בלוט. אָ, מע זאָל האָבן זיך צו קראַצן און צו 'פּאַצן'. אָ, צו־להכעיס. אָ אַ פֿאַרבּרעך. אָ אַן

, ,

עוולה, אַן אומווערדיקייט. אָ, עפּעס אַ רשעות, אַ רציחה. אָ אַ זינד. אָ אַן אַקציע. אָ אַלדאָס

, , ,

בּייז, כּל־הבּייז. אָ, כּל התועבֿות שבּעולם. אָ, אַ סקאַנדאַל אין דער וועלט. אָ, סתּם אַ חזירײַ. אָ אַ (מיאוסע) נבֿלה (בּישׂראל).

,

אָ אַ מ ע שׂ ה — דורכפֿירן עפּעס אַן

, .

אָפּטאָן

אַפֿערע, עפּעס וואָס איז אוממאָראַליש אָדער אומגעריכט. *אָ, מ ע שׂ י ם — ווילדע זאַכן, יונגאַטשערײַען אָ, עמעצן זײַן רעכט —

א) דזוו אָ, עמעצן זײַן לעצט(ע) רעכט, בּ 1;
ב) בּאַשווינדלען, אַרויסנאַרן אַ סך געלט. אָ, ז ײַ ן זאַך — עפּעס שלעכטס וואָס מע האָט זיך געריכט פֿון דעם מענטשן; וועגן אַ סוחר — בּאַנקראָטירן, אָנזעצן.

אָ אַ ש פּ י צ ל. אָ, די גרעסטע שפּיצלעך.

"אַז מע וויל אָ, דעם בעל־עגלה אַ שפּיצל, גייט מען בײַם וואָגן צו פֿוס", שוו. „דער כלכּוניק האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: ער האָט דעם שרפֿר פֿאַרשטאָפּט", דער לאַנד חכם, נ"י 1894, No ll. „אָט מסרט ער, אָט טוט ער אָפּ אַ שפּיצל און נעמט לאַ־יחרץ־געלט ובדומה", יהודה לרב בּינשטאָק, בּײַא ר, שלמה בּערלינער, לבֿוב 1896. „געשיכטע קען אַמאָל אָ, אַ שפּיצל", י פֿאָגעל, פֿאָר, 1965 III 14. אויך: אָ אַ

ק ו נ ץ , אָ, אַ ש ט ו ק ע , אַ ש ט י ק ל.

אַ, אויף ט ע ר ק י ש — איבּערכיטרעווען, אָ, אדיף צו־להכעיס; אָ אַ שפּיצל. „אַז איינער טדט אָפּ דעם חבֿר אַ שפּיצל, נאַרט בּײַ אים

ריס דעם יאָ מיטן ניין און גיט אים נאָך אַ
שנאַל אין דער נאָז, זאָגט מען: 'ער האָט אים
אָפּגעטאָן אויף טערקיש'", אשט, מסעלעך,
ז, 261. אויך: אָ, אויף ר ײַ ס י ש , אויף
ע נ ג ל י ש [קמ, 32 1866, No], אויף כ י -
נ ע ז י ש.

אָ אַ כ י ש ו ף — פֿאַרכּישופֿן. א) בּרענגען
דערצו מע זאָל זייער שטאַרק זיך פֿאַרליבּן.
„זי האָט אים (ער האָט איר) אָפּגעטאָן אַ כּישוף".
„טאַדעק האָט איר בײַ דער ערשטער בּאַגעגעניש
ווי אַפּגעטאַן אַ כּישוף„. י. מעצקער, פֿאָר, 1967
X 1; בּ) דורך צויבּערײַ דורך שוואַרצקונסט
שעדיקן עמעצן. „אָפּצוטאָן כּישוף... נעמען נײַ
וואַקס, ג, שטאָלענע נאָדלען... קוועקזילבּער,
זאַלץ און בּרויט... נײַ בּלײַ און ווייץ, אַלץ
אָנגעהאַנגען...", ר, מרדכי בּר, אַריה ליבּ, מקוה
ישׂראל, נאָווידוואָר תּקנ"ד [קומט צוזאַמען מיטן
ספֿר סוד ה']. "איך וואָלט זיי אָפּגעטאָן אַ
כּישוף, איז ווער ווייס וואָסערע שוואַרציאָרן עס
וועלן קומען אויף זייער אָרט?", ש סײַמאָן,
צווײַגן. אויך: *אָ, מיט אַ ש פּ ר ו ך. „ער
האָט אַ קוק געטאַן אויף מיר מיט רציחה, ער

האָט געמיינט אַז דאָס וויל איך אים עפּעס אָ,
מיט אַ שפּרוך״, ממוס, קליאַטשע.
6. אָפּקערן. אָפּוועגדן פֿאַרלאָזן. מרחיק זײַן.
.
ניט אָ, קיין אויג פֿון עמעצן פֿאַרכאַפּט ווערן

פֿון עמעצנס שיינקייט אָדער אַנדערע מעלות.
״רבּונו־של־עולם, ווי האָסטו פֿון אונדז אָפּגעטאָן
דײַנע אויגן״, מעשׂה אומן. „דער אייבערשטער
זאָל זײַן חסד (רחמנות, גוטסקייט) ניט אָ, פֿון
אונדז״. „דער אייבערשטער זאָל אָ, פֿײַנדשאַפֿט
(קנאָה, זינדיקע געדאַנקען) פֿון אונדזערע
הערצער„. „טוא אבּ צאָרן פֿון דײַנעם הערצן״,
טח, קהלת יא, 10. „וויא דוא אין גווינשׂט עשׂ
זײַא צו גוטן אודר צו בּיזן, ווען ער אַלט
ווערט, דאָ טוט ער ניט אָבּ פֿון זעלבּיגן וועג„,
סהמ, משלי, כבּ, 6. „דער זײַן גינאָד אונ,

1198

באַרימהערציקייט ניט פֿון אונשׂ אָפּ גיטאָן״,
גה, ז, 166. „וויא טוט מן דשׂ מן דיא האָפֿרט
פֿון זיך אָבּ טוט״, לט 1, קיא/בּ. ״ער זאָל ניט
אָ, זײַן מחשבֿה און זײַן רצון פֿון צו לערנען

דײַן הייליקע תּורה,,, הנהגות הנשים, ווילנע
תּר״ה. ״די ערד זאָגט:... גאָט טוט פֿון מיר
די השגחה זײַנע נישט אָפּ,,, ממוס, שירה.
,,ייִדן זאָלן אָ, פֿון זיך דעם טרויער און זיך
אָנגורטן מיט בּטחון און פֿרייד״, בּאַש, דער
שׂטן אין גאָר▯..

7. אָפּשאַפֿן. בּטל מאַכן. ר▯.כּלין 8

פֿאַרטײַטשט: 'לעלות, (איו▯, לו, 20): ,,אַבּטוּאנדא,
ל, ,להסיר'״ [תּי ,,ווערן פֿאַרשוואונדן,,]. ,,און
זי האָט געזאָגט: גאָט האָט אַפּגעטאָן ['אסף']
מײַן חרפּה״, תּי, בּראשית, ל, 23; ,,און איך וועל
אָ, ['והסרתי'] קראַנקשאַפֿט פֿון צווישן דיר״,
דאָרטן, שמות, כג, 25; ,,גאָט האָט אויך
אָפּגעטאָן ['העבֿיר'] דײַן זינד״, דאָרטן, שמואל בּ,
יבּ, 13. ,,הקבּ,,ה וועט הימל און ערד אָ, אין די
זעלבּיקע טויזנט יאָר,,, צור, הפֿטרת לך־לך.
,,תּשובֿה צו טאָן... עשׂ ווער אויף אים נגזר
גיוואָרין מי▯ה... דא ווערט אַלץ בּטל אונ, אכּ
גיטאָן פֿון אים״, נצ1, לה/ג. ,,ער וואָל פֿון זיך
אָבּ טון דיא גילושטן אונ, און רעכט געלט צו
האָכן״, מהמ, רכט/א. ״קיסר קונסטנטינוס...
האָט ווידרום אַלי דיא בּילדר אָבּ גיטאָן״, ר,
זלמן הענא איבּז, צמח דוד, פֿפֿדמ תנ״ח. ״זאָלסט

ניט אַרויסרײַסן אומניסס קיין שום גרעזל, סײַדן פֿון אַ רפֿואה וועגן... צו איטלעכן גרעזל איז פֿאַרהאַנדן א מלאך וואָס איז ממונה דערויף. ממילא אַז דו רײַסט אויס דאָס גרעזל, טוסטו אָפּ דעם מלאך פֿון זײַן ממשלה אומזיסט“, שבֿט מוסר, סדילקאָוו תּקצ“ג. „טו אָפּ פֿון דײַן האַרץ די דעק פֿדן דעם יצר־הרע„, חה, III, בֿ, 204. ”הש“י זאָל אָ, די בייזע צרה פֿון אײַך“, קח, מט/בֿ. ”די לײַט פֿון דער שטאָט פֿלעגן צו דינען צו דער זון, אָבער זי האָט דאָס אַפּגעטאָן“, טויזענד אונד איין טאָג, וואַרשע 1839.

8. אַוועקנעמען. צונעמען. באַזײַטיקן. אַרונטערנעמען. אַראָפּנעמען. רײַכלין 8 פֿאַרטײַטשט גל, (תּהלים, קיט, 22): „טו אבּא“. „איך וועל דורכגיין הײַנט דורך אַלע דײַנע שאָף אָפּצוטאָן ['הסר'] פֿון דאָרטן איטלעך געשפּרענקלט און געפֿלעקט לאַם“, תּי, בּראשית, ל, 32; „טו אָפּ ['הסירי'] דעם ווײַן פֿון זיך„, דאָרטן, שמואל א, א, 14. „דער האַר... טוט אָפּ ['מסיר'] פֿון ירושלים און פֿון יהודה אַן אונטערלען און אַן אָנלען“, דאָרטן, ישעיה, ג, 1. „דוא ווערשׂט ניט קענין בּשטין פֿר דײַן פֿײַנט בּיז אײַער אָבּ טאָן דען (חרם) פֿון צווישן אײַך“, סהמ, יהושע, ז,

13 ['עד הסירכם החרם מקרבבם,, תּי: ,,אויבּ
איר וועט ניט פֿאַרטיליקן דעם חרם..."]. ,,ווער
וואָלט געבּין דשׂ דאָזיג פֿאָלק אין מײַן האַנט אַזו
וואָלט איך אָבּ טאָן ['וואָסירה'] דען אַבֿימלך",
סהמ, שופֿטים, ט, 29, [תּי□ ,,איך וואָלט שוין
אָפּגעשאַפֿט"]. מש פֿארשטײַטשס: ,ויגל את
האבֿן, (בּראשית, כט, 10): ,,און, ער אָבּ טעט,,,
[תּי. ,,אַראָפּגעקײַקלט,,]. ,,טו אָפּ צווישן דיר

אָפּטאָן זיך

און, צווישן אונשׂ דיא אײַזרני מויאר וואשׂ דאָ
האָבּן גמאַכט די קליפּות דאָרך אונזרי זינד,,,
עח, סט/בּ [פֿון אַ תּחינה נאָכן שלאָגן הושענות].
"האָט מאַן איין בּן מלך אָבּ גיזאַלבּט כּדי מן
דען ספֿק אָבּ טוט", בּית י□ראל, אַמ□ט 1723,
יג/בּ. ,,לאָז דאָך אָבּ טאָן די קעטן פֿון אַלי די
יהודים די בּייא מיר זײַנן אין רומא", יוסי□ון,
פֿיורדא 1764, I, קכא/בּ. ,,אַז דײַן מאַן ישמעאל
וועט קומען... זאָלסטו אים אַזוי זאָגן: דו
זאָלסט אָ, דעם פֿלאָקן פֿון דעם געצעלט און
זאָלסט מאַכן אַן אַנדערן פֿלאָקן צום געצעלט,,,
מע□ ה אַבֿרהם א□ינו ע"ה. ,,יעקבֿ... האָט

אָפּגעטאָן דעם שטיין פֿון דעם בּרונען וואַסער“, מחזור שלש רגלים, טשערנאָוויץ תּר„ח, 'תּפֿילת גשם„.

אָפּגעטאָן ווערן — צוגענומען ווערן.

„דיא ממשלה פֿון מצרים איז אָבּ געטאָן גיוואָרין“, נצ ו, שמות, בּ/ג.

9. אויסטאָן. אַראָפּנעמען אַ בּגד. „גלײַך אַז איין צו ריסן קלייד דז מן זאָל... אָבּ טון...“, סהמ, משלי, כה, 20 [תּי: „ווי דער וואָס טוט אויס דעם בּגד אין אַ קאַלטן טאָג...“]. „מן היבּט ווידר אײַן אונ, זאָגט אַשרי ובֿא לציון ארנ, טוט דיא תּפֿילין אָבּ אונ, אורט מוסף“, ספֿר המנהגיט, אמשט 1723, ז/בּ. „אַן איין בּרית מילה זאָל מן די תּפֿילין ניט אָבּ טאָן בּיז נאָך דען יודשן“, ר, שלמה זלמן לונדן, קהלת שלמה, אמ▯)ט תּק“ד. „הסר מעלי הבּגדים הצואים — טו אָפּ פֿון מיר די אומריינע קליידער, די אומציכטיקע שמאַטעס“, מרדכי אָס—טראָווסקי, אמענטש אָהן אקאָפּ, זשיטאָמיר 1876. „האָט זי אָפֿגעטאָן אין שײַן פֿון אָוונט דאָס קלייד וואָס זי האָט אויף זיך געהאַט“, מלה, לידער I, נ“י 1934, ז, 92.

1O. שעכטן. קוילען. ← אַוועקמאַכן, בּ7, ז, 95. אָ אַן עוף אויף שבּת, אַ גאַנדז אויף

יום־טובֿ. [״איר מרטער פֿלעגט שטאַרק מקפּיד
זײַן נישט צו זאָגן 'מע גייט צום שוחט', נאָר
'מע גייט די עופֿות אָ,'. ווי אַ קינד האָט זי
געפֿרעגט: 'מאַמעשי, פֿאַרוואָס עפּעס אָ'?, —
איז איר מוטערס תּשובֿה געווען: ,מע זאָגט אַז
זיי פֿאַרשטייען, טאָר מען זיי נישט מצער זײַן'.
געזוכט און געפֿונען אַז איר פֿעטער הרבֿ אבֿידע
(יהודה עלזעט) האָט נאָך מיט 40 יאָר צוריק
פֿאַרצייכנט אין זײַנע מנהגי יעזראל אָט דעם
געהויבּענעם הומאַנעם לאָקאַליזם: 'אין אומרים
בּפֿני עוף שישחטוהו, אלא שיתּקנוהו ('
אָפּטהיִען') כּי העוף מבֿין ומצטער'״, ריבֿ, ייִשפּ
III X, 1].
11. גיין אויף צורך, אויף באדערפֿענישן.
האָבן שטולגאַנג. אַוועק אָ, עפּעס אין פֿעלד,
הינטער אַ קוסט, אויף יענער זײַט וואַנט אע.
„שווײַגט ווי א קליין קינד מחילה אַז ס'האָט
אָפּגעטאָן דאַס עסק“, יוסף גראבֿ, געזאָמלטע
שריפֿט, ווין 1919.
אָפּטאָן זיך — ← דפֿוו. 1. זיך טאָן אַ סך,
פֿאַרשיידנס. „וואָס עס האָט זיך דאָרטן
אָפּגעטאָן, אַ גאַנצע חתונה!“, עס טוען זיך אָפּ

אָפּטאַנדעטעווען

מעשׂים!‚,.. ‚,וואָס עס טוט זיך נאָר אָפּ אין די
פֿאַנטאַסטישע ראָמאַנען!‘‘. ‚,וואָס עס טוט זיך
אָפּ אין די עולמות העליונים, ווען דער רבּי איז
מתפּלל‘‘. ‚,צווישן [מילה און קבֿורה] טוט זיך אָפּ
מעשׂים שלא כּתּורה‘‘, אמד, אמרי בּינה, ווילנע
תרכּ‘‘ד. ‚,קנאַפּ פֿלעגט זיך אָ'. דאָ פֿלעגט זיין
יעלות‘‘, פֿרײַלין ט סעגאל, עולם המע ה,
וואַרשע 1883. ‚,ד אַלע שערוריות וואָס עס טוט
י

זיך אָפּ מיט דעם מאַכן די מקווה הייסע מיט
קאַלטע וואַסער צוזאַמען‘‘, שמו פלאי, ספֿר
האמת והשלום, לעמבּערג 3 18, ז, 40. ‚,אַזעלכע
אַקטן טוען זיך אָפּ בּײַ ייִדן לרובֿ‘‘ [צוויי טעג
פֿאַר דער חופּה ווערן א חתן פֿון אַן אַנדערער],
ג ח לעוונער, דער צווייענדיגער תּנאָים, ווילנע
1897. ‚,א דבֿר־קטן וואָס ס'האָט זיך דאַמאָלס
אין הויף אָפּגעטאָן, ווען זי אין קראַנק
געלעגן!‘‘, א וויעוויאָרקאַ, הימעל און ערד,
לעמבּערג 1899, ז, 6. ‘‘ווען עס איז אַרויס... די
'גזירה, פֿון פֿאַספּאָרטן מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס האָט

זיך אָפּגעטאָן ח ו ש ך אין די ייִדישע
שטעטלעך“, אבֿיעזר בורשטיין, אַמעריקאַנער, נ“י
.1958

2 פֿאַרשווינדן. ניט ווערך. אויפֿהערן זײַן.

.

פֿאַרלאָזן. אָפּשיידן זיך. אָפּטיילן זיך. „דער
ש ל אָ ף האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אים“. זיך אָ,
פֿון גאַנצן געזעמל. „דער אַ פּ ע ט י ט קען
זיך נאָך אָ', ווען מע דערלאַנגט אַזעלכע
מאַכלים“. “די שכינה טוט זיך אָפּ פֿון פֿאָלק ישׂראל
(פֿון דעם נבֿיא, פֿון דעם שעפֿערישן מענטש)“.
„עס וועט זיך ניט אָ, דער אָרעמאַן פֿון צווישן
דיר“. „דאָ האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעטאָן דער
שלום־בית“. “טרייסט (האָפֿענונג, פֿרידן,
וואונדער אע) טוט זיך אָפּ פֿון אונדזער שוועל„.
“ס'שרעטעלע האָט זיך אָפּגעטאָן און צוזאַמען
מיט אים די מזל־ברכה„, פֿמ “אַז דער (דאָס)
מזל טוט זיך אָפּ, בלײַבט מען סײַווי אָן אַ
קאָפּ„, שוו. „אָפּגעטאָן האָט זיך ['גלה'] דער
כבֿוד פֿון ישׂראל וועגן דער אַוועקנעמונג פֿון
דעם אָרון פֿון גאָט“, תּי, שמואל א, ד, 21.
„אַז יעקבֿ אָבֿינו ע“ה האָט... געזאָלט מגלה
זײַן דעם קץ הגאולה, האָט זיך די נבֿואה
אָפּגעטאָן פֿון אים„, ▯רה בת טו▯ים, תּחנה שלש▯

שעריס, ווילנע 1858. ,,אָפֿגעטאָן האָט זיך □י פֿרייד פֿון אונדזער לאַנד“, אַר, אָן פֿרייד,.

,

,,עס איז אים געשען אַן ,,עין,, [=עין־הרע]... האָט זיך די קבלה פֿון אים אָפּגעטאָן,,, ייִט, טאָג, 20 □ 1961. ,,ס'האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון דער וועלט דער כּוח פֿון השפּעה“, יחיאל האָ□ער, צוק, מײַ־יוני 1966. ,,די נאַכט האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטאַן“, פֿרומע האַלפּערן, געבּענטשטע הענט, נ“י 3□19, ז, 101.

3. אָפּקערן זיך. אָפּווענדן זיך. ,,מײַן חסד וועט זיך ניט אָ, [יסףּר'] פֿון אים“, תּי, שמואל בּ, ז, 15. ,,האָט גיזאָגט בּועז... טוא דיך אָבּ [סוּרה'] פּלוני פֿור הולנר אונ, ער טעט זיך אָבּ [,ויסר'], טח, רות, ד, 1. מםt פֿאַרטײַטשט 'ויעל אלהים מעל אַבֿרהם, (בּראשית, יז, 22): ,,אונ, ער טעט זיך אָבּ“ [תּי: ,,האָט גאָט זיך אויפֿגעהויבּן“]. □□ר משה פֿאַרטײַטשט: ,מטרף

1□99

בּני עלית, (בּראשית, מט, 9) ,,פֿון דאָס

פֿאַרצוקונג פֿון מײַן זון האָסטו דיך אָפּגעטאָן" [תּי.
„פֿון פֿאַרצוקונג, מײַן זון, ביסטו
אויפֿגעוואַקסן"]. „און גאָט האָט געזען אַז משה האָט
זיך אָפּגעטאָן ['כּי סר לראות', שמות, ג, 4] צו
זען דעם פֿלאַם", מלמדישער ט־טש, פּאָד,
אָנהייב 20. י"ה [תּי „ער האָט אָפּגעקערט צו
זען"]. „הוט משה רבינו לושן אויש שרײַאן:
טויט אײַך אָכּ פֿון דען גיצעלט דער בויז
וויכטר", בּראנט, פּרק יא. „ער זאָל עוסק
בּתורה זײַן יומם ולילה און, זאָל זיך ניט אָבּ
טאָן דער פֿון", נצ 1, דבֿרים, לו/ג. „וואַן שוהן
דוא בּיז נאָך שטאַרק עבֿירות צו טהון — דו
טוהשׂט דיך אָבּר דאַפֿון אָבּ, ווײַל דו דיך
פֿערכסט פֿר הקבּ"ה", יורה חטאָים, פֿיורדא
תקנ"א. "מע זאָל זיך אָ, פֿון יעדע אַרבּעט, ווען
דער שבּת קימט", ר, שמעון וואָלף מרגליות,
לײ שמעון, Bu(ls en mihalyon 1923. „דאָס
געוויטער וועט אַריבּער און פֿון הימל וועט
זיך נ ט אָ, דער רעגנבויגן„, א. קאַציזנע, זבּ,

די שטימע פֿון טאַל, נ„י 1940, ז, 224.

אָפּטאַנדעטעווען — טרוו־טעווע אָפּ, ,

גע.

טאַנדעטעוועט. 1. אָפּטאָן אַן אַרבעט אויף אַ טאַנדעטן אופֿן. אָ, די בענקלעך מע זאָל ניט קענען זיצן אויף זיי. אָ, אַ שלאָס וואָס פֿאַרשליסט זיך ניט. 2. אקוזוו־ דורכלעבן, אָפּלעבן ווי אַ שלימזל. אָ, די יאָרן אויף קעסט און דערנאָך בלײַבן אָן פּרנסה. אָ, אַ לעבן אָן אַ קינד, אָן אַ רינד.

אָפּט אַ'נט — דער, ־ן. <איי <ל. ווער עס קען אויסקלײַבן. ווער עס האָט אַ ברירה. אַן אַלט־געזעסענער אין אַ לאַנד אָדער שטאָט וואָס איז איבערגעגאַנגען אין רשות פֿון אַ נײַער מאַכט און האָט די ברירה אָנצונעמען די נײַע בירגערשאַפֿט אָדער בלײַבן בײַ דער פֿריִערדיקער. ־אַציע, די. ־ירן — טרוו.

אָפּטאַנצן — אקוזוו & טרוו. טאַנץ אָפּ, ~ געטאַנצט. 1. פֿאַרענדיקן טאַנצן. אָ, איין טאַנץ און אַרויסגיין זיך אָפּקילן. „אָ'דיק פֿריִער דאָס באַקאַנטע פֿליגן־טענצל... שטרעקט זי אויס דאָס פּיסקעלע און טוט אַ ביס, אַ קוש הייסט עס“, ממוס, בהמות. „.... איז ניט געווען פֿון די גרויסע טענצערינס, האָט זי ניט מער ווי איין מאָל אָפּגעטאַנצט אַ פּאָלקע מיטן בעסטן טענצער“, יעדידיע מארגאָליס, פֿויערים, מאָסקווע 1939. *ער (זי) האָט שוין אָפּגעטאַנצט —

שוין פֿאַרענדיקט די גוטע תּקופֿה אין לעבן (שוין בּדלות געוואָרן, שוין געשטאָרבּן). „אַלע לעבּעדיקע מוזן שטאַרבּן... און דער וואָס איז געשטאָרבּן האָט אָפּגעטאַנצט דעם טאַנץ, געפּטרט די נאַרישע וועלטל“, ספֿר בּית רבּי, ווילנע 1904, ז, 39.

2. טאַנצן אַ לענגערע צײַט. אָ, אַלע טענץ און ממש פֿאַלן פֿון די פֿיס. „אָפּגעטאַנצט אין פּראָג, איז יחיאל אַהיים געפֿאָרן“, פּרץ, פֿאָלקסט, געשיכטן, 'קלעצקין,, ז, 67 [=אָפּגעהוליעט].
3. אַוועקטאַנצן אין אַ זײַט. „די הינקעדיקע

אָפּטאַ ן

האָט אויף איין פֿוס צוגעטאַנצט, צעשטופּט די חבֿרים... בּאַלד האָט זי זיך געכאַפּט אַז זי האָט עס געטאָן... האָט ז אַ פֿאַרשעמטע אָפּי

געטאַנצט אין אַ זײַט“, ש. אַלעק, אין אָנגלי, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932. „דער ראָש־ישיבֿה טאַנצט אים אַקעגן... זיי טאַנצן אַפּ אויף צוריק

איינער פֿונעם צווייטן און טאַנצן זיך צוריק
צוזאַמען", ל אָליצקי, ישי□ה ל□ט, תּ"אָ 1968.
4. אָ, האָט פֿאַרשיידענע פֿיג בבֿ. אָ אַ לעבן

אין נחת און פֿריידן. אָ, אויף אַלע
פֿאַרזאַמלונגען פֿון פֿאַראיין. „איר האָט נאָך ניט
אָפּגעטאַנצט [=נאָך ניט אָפּגעקומען,
דורכגעלעבט]. די קללה פֿון אַן אַלמנה און אַ יתומ□
ווערט מקויים", חג, ר, צמח אטלאַס I. אָ, די
(גאַנצע) ח ת ו נ ה. מיט ז י ך. ־עניש.
אָפּטאַסקע(ווע)ן — טרוו ־קע(ווע) אָפּ, ~

געטאַסקע(ווע)ט. סל. אָפּשלעפּן. אָ, פֿון איין
אָרט אויפֿן צווייטן די שטיינער, די זעקלעך
מעל, די קלעצער אאזוו.
אָפּטאָפּטשען — ־טשע אָפּ, □ „געטאָפּטשעט.
אוטוו — אַ לענגערע צײַט טרעטן אַהין און
אַהער מיט שווערע פֿיס. אָ, דעם גאַנצן טאָג
איבער בלאָטיקע וועגן. „אַ פּראָסטע ייִדענע...
אַ גאַנץ לעבן אָפּגעטאָפּטשעט אין קיך און
שטענדיק נאָר צו טאָן מיט די קינדער", סאָוו,
ליטעראַטור, קיִעוו 1938 No 11.
טרוו □נa.r□]□on.r□.□Bi:□□>.

באַפֿרוכפּערן (וועגן עופֿות, זן וועגן ציגן, שאָף). "איין האָן קען אָ אַ גאַנצן הויף הינער,,. אויך מיט

,

ז י ך. ־עניש.

אָפּטאָפּיען — טרוו ־פּיע אָפּ, ▯,געטאָפּיעט.

אויך: ▯,טאָפּען. 1. אָפּשמעלצן. מאַכן עס זאָל אָפּרינען טראָפּנווײַז. אָ, אַ ביסל חלבֿענע ליכט. 2. אַרײַנשטופּן אונטערן וואַסער בײַם דערטרינקען. אָ, די קעצלעך, היטנלעך. 3. אָפּקאַכן, דורכקאָכן, דורכוואַרעמען בײַם מאַכן קעז. ▯Iנ. rI▯. ▯on▯. ▯Il▯ נ: ▯ ▯ <. אָ, סמעטענע. אָ, קעז. אויך מיט ז י ך. —עניש.

אָפּטאָפּליוועו — טרוו ־ליווע אָפּ, ~ געטאָפּ.

ליוועט. פֿד. (סטאָלערײַ). צופּאַסן, צונויפֿפּאַסן. אָ, ברעטלעך, לײַסטלעך. אָ, די ברעטער פֿאַרן טיש.

אָפּטאַפּן — טרוו. טאַפּ אָפּ, ~געטאַפּט. א ביסל אָדער גרינטלעך דורכטאַפּן. בײַ דער גרענעץ אָ, אַלץ וואָס מע געפֿינט אין די טשעמאָדאַנעס. מיט ז י ך — קזוו. ־עכץ. —עניש.

אָפּטאַפּעצירן — טרוו ־ציר אָפּ, □..,,(גע)־
טאפּעצירט. 1. באַדעקן מיט טאַפּעטן. אָ, די
ווענט. 2. דורכפֿירן די אַרבעט פֿון אַ
טאַפּעצירער וואָס מאַכט ווייך מעבל. אָ, די קאַנאַפּעס,
דעם פֿאָטערשטול אע. —ונג.

□

אָפּטאַסן — טרוו. טאַף אָפּ, ~געטאַפּט. מג.
(בלעכערײַ). פֿאַרענדיקן טאַפֿן, האַמערן בלעך
און בכלל מעטאַלענע פּלאַטעס מיט אַ ספּעציעלן
טאַף־האַמער. אָ, בלעך.

אַפּטאַצ(לע)ן

אָפּטאַצ(לע)ן — טרוו פּפּ □ י.,טאַצקען.
דזוו אָפּדאַצן □.. (אָפּ)געווינען. אָ, דאָס גאַנצע
געלט בײַם שפּילן אָקע. "מע האָט זיך געזעצט
גאָר פֿונדאָסנײַ שפּילן אין קאָרטן... מײַן הער
האָט בײַ זיי אָפּגעטאַצט אַ טאָלער דרײַסיק□,
אמד, דער רענדיעל, ווילנע 1867.

אָפּטאָקן — טרוו. טאָק אָפּ, □ י־,געטאָקט. 1.
אָפּדרעקסלען, אַרומשנײַדן מיט אַ מעסער אויף אַ

דרייבאַנק. אָפּרונדיקן. אָ, די העלצלעך פֿאַר דער
שפּיל. אָ, די פֿיסלעך און הענטלעך פֿאַר
ל אַלקעס. „דערגאַן אַ נײַעם שׂכל בײַם אָ, די
י

וואַלן“, זב ליטקאָמיוג, קיִעוו 1933.
2. אַרויסזאָגן, אָפּזאָגן עפּעס זייער קלאָר
און שאַרף. אָ, אַן ענטפֿער, אַ גלאַטע תּשובֿה.
„'איך פֿיל זיך גוט', האָב איך באַלד דער טאַנטע
אָפּגעטאָקט אַ תּשובֿה“, מאָל, פֿון לובלין ביז
יו אָרק, ז, 20. “דאָס ייִנגל האָט אָפּגעטאָקט

יעדעס וואָרט באַזונדערט און זײַנע ווערטער
האָבן בײַם עולם אַרויסגערופֿן לעבעדיקע
בילדער“, פֿײַוול סיטאָ, אָט דאָס זײַנען מיר,
כאַרקאָוו־קיִעוו 1932, ז, 133.
3. ספּעצ אָפּזאָגן א גלאַטן ליגן. אָ אַ ליגן
,

מיט אַ פֿאַרשטאָכן פּנים. „חידושן נאָר מוז מען
זיך ווי זיי מאַכן אַמאָל יענעם אַ ל ע מ פּ ל
און טאָקן אָפּ זאַכן עפּעס גאָר שלא כּדרך
הטבֿע“, ממוס, מסעות. “איך האָב איר געמוזט

אָ, פֿון דרך־שלום וועגן אַ ליגן“, שע, ט◌יה
“כּדי צו באַוואָרענען זיך מיט אַ פֿרײַען
אַרײַנגאַנג... האָט ער גלײַך אָפּגעטאָקט אַ פֿײַנעם
ליגן“, בערג, באם דניעפּער I, 'עמעס', ז, 496.
4. (גנבֿים־שפּראַך) איבערגעבן אַ גניבֿה פֿון
האַנט צו האַנט. אָ, דאָס זייגערל.
5. במקום־ווערב פֿאַר יעדער מין אַרבעט וואָס
ווערט אָפּגעטאָן גוט, גלאַטיק, מיט אַ הנאה פֿון
דעם טוער. אָ, אַ בריוועלע. אָ, אַ פּאָר שיך. אָ,
אַ מאָרדע = גוט אויספּאַטשן. אָ, די זײַטן =
זעצן אין די זײַטן מיט די פֿויסטן. „האָב דעם
גראָבן פֿינגער אַרײַנגערוקט אין דעם קנאָפּ
פֿון דעם גאָרגל און האָב אָפּגעטאָקט מיט זײַנע
צוויי משוררים אַ „בפֿי ישרימל, מיט אַ
פּאָלאָנעז“, אכּג, דער גלגול, וואַרשע תּרנ“ו, ז, 19.
אויך מיט ז י ך. ־עכ◌ן. —עניש. ־ער
(—ין, ־קע). ־ערײַ.
אָפּטאַקסירן — טרוו ־סיר אָפּ, ~,(גע)
טאַקסירט. 1. אָפּשאַצן דעם ווערט. אָ אַ הלוואה.
,
אָ, וויפֿל מע דאַרף קריגן פֿאַר דער
קאָנפֿיסקירטער סחורה. אָ, וויפֿל פּאָשלינע צו צאָלן.
אָ, וואָס דער שותּף דאַרף אַרויסצאָלן.
אַוועקזעצן מענטשן אָפּצוטאַקסירן.

אָפּטאַקסירט — אַדי. ‘‘לענדער וועלכע
זענען צוגעשטאַנען צום מדובר וועגן
איבּערשיקן צווישן זיך פּאַקעטן מיט דעם אָ'ן ווערט
דערפֿון,,, ממוט, דער ניטצליכער קאלענדאר,
תּרמ‘‘ב, ווילנע.
2. אַרויפֿלייגן שטײַערן לויט אַן אָפּשאַצונג.
,,איינער פֿון אַ בּראַנזשע איז געווען אין דער
קאָמיסיע בּײַם אָ, די קהילה־שטײַערן,,,.

13()()

3. אָפּריידן צווישן זיך אָדער פֿעסט בּאַשליסן,
אָפּמאַכן בּײַ זיך. ,,ער האָט שוין
אָפּגעטאַקסירט — און פֿאַרטיק, וועסט ניט איבּעררעדן
אים‘‘. ־ונג.
אָפּטאַקסעווען — דזוו דפֿוו, בּ פּממ.
בּאַשטימען דעם פּרײַז. זיך טועה זײַן אין אָ, די
רעצעפּטן.
אָפּטאַראַבּאַנ(י)ען — סרוו. ־נ(י)ע אָפּ, ~
געטאַראַבּאנ(י)עט. פּפֿ ~טאַראַבּאַנ(י)עווען.
נ. .r] נ1 .< :[1 . a a]a. אָפּקלאַפּן אויף
אַ פּויק. אָ אַ מאַרש. 2. פֿאַרענדיקן טאָן
,

עפּעס וואָס דערמאָנט אין באַראַבאַנעווען. אַ, א סקאַרבאָווע וואַל־רעדע.

אָפּטאַראַכקען — אוטוו. א לענגערע צײַט טאַראכקען און אויפֿהערן. קלאַפּן אַזוי ווי אַ וואָגן וואָס פֿאַרט אויף גרודעס. טומלען אַזוי ווי מיט אַ גראַגער. אויך אָפּפּלאַפּלען הויך אויף א קול. ־עניש.

אָפּטאַראַראַמע(ווע)ן — אוטוו ־ראַם(עווע)

.

אָפּ, ~(גע)טאַראַראַמ(עווע)ט. אָפּטומלען. אָפּשמײַען. אָ, אַ לעבן־לאַנג און שטאַרבן אַ פֿאַרגעסענער פֿון אַלעמען. אויך מיט ז י ך.

אָפּטאַרגאַניעץ — דער, ־עס. ־ar□ob: □>

□ון[ga]jie. ווער עס גייט אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. ווער עס טראָגט מלכושים ווי (פֿון) אַ שלעפּער.

אָפּטאַרגען — טרוו. 1□ .<□:obtarga. צערײַסן מלבושים. זיך צעשלאָגן מיט די קינדער און אָ, דאָס נײַ גאַרניטערל. 2. אָפּרײַסן פֿון פֿרײַז. אָ, עטלעכע גראָשנס און זיך האַלטן פֿאַר אַ גוואַלדאָווּנער סוחר ־עניש.

.

אָפּטאָרגעווען — טרוו ־געווע אָפּ, ~

געטאַר.
געוועט. (מיט ביטול) אָפּקויפֿן. אָפּהאַנדלען.
ספּעצ אָפּקויפֿן פֿון אַן אַקציע. אָ אַנטיקן נאָר
,

אויף אַרויסצףוואַרפֿן.
אָפּטאַרן ־ טרוו. טאַר אָפּ, ~געטאַרט.
אָפּשמירן מיט טאַר, סמאָלע. אָ, די
פֿישערשיפֿלעך.
אָפּטאַרע(ווע)ן — טרוו. ־רע(ווע) אָפּ, ~
געטאַרע(ווע)ט. 1. אויסגלײַכןביידע וואָגשאָלן
פֿון אַ וואָג, דאָס צינגל זאָל זײַן פּונקט אין
סאַמע מיטן. אָ אַ וואָג מיט שטיינדלעך, מיט
,
געוויכט. 2. אויסבאַלאַנסירן. ״קיין קאָפּ האָט
ער טאַקע ניט, אָבער ער טאַרעוועט אָפּ מיט אַ
הינטן. ער זיצט איבער זײַנע אוראָקן ביז שפּעט
אין דער נאַכט״, אויך מיט ז י ך.
אָפּטאָרע(ווע)ן — טרוו ־רע(ווע) אָפּ, ,
גע.
טאָרע(וועט). 1. אײַנטרעטן אַ וועג (שטעג).
אָ, אַ דורכגאַנג צווישן די פֿעלדער. 2.
אָפּשלעפּן, אַוועקשלעפּן עפּעס וואָס איז שווער
אָדער לאָזט זיך ניט. אָ, דעם קלאָץ. „פֿאַרוואָס

האָסטו ניט מיטגענומען דײַן צירלען אויף דער מאַניפֿעסטאַציע? — לאָז זי... היטן די שטוב, ווײַל... די בורזשויען קענען מיר אָפּטאָרען די ציג" [= אַרעסטירן די ווײַב], סאָוו, הײַמלאַנד, 3 .7 1968, No. אוקר. פֿאַרריכטן אַ פֿאַס,

אָפּטויכן

ספּעצ בעסער אַרײַנפּאַסן דעם דעק פֿון אַ פֿאַס,
עס זאָל ניט רינען. אָ, דאָס פֿעסל.
אָפּטאָר(ק)ען — טרוו. ־קע אָפּ, ~געטאָרקעט.
אָפּשטויסן, אָפּשטופּן מיט אַ האַנט אָדער מיט
א פֿינגער. אָ, עמעצן, ער זאָל זיך אָפּרוקן.
מיט ז י ך. ־עניש.
אָפּטו — דער, ־ען. אַקט פֿון אָפּטאָן (זיך).
אומגעריכטער אָ,. אַן אָ, אַזש אין ביין אַרײַן.
אַן אָ, צו באַװײַזן אַז מע קען טאָן וואָס מע וויל.
"דער לעצטער אָ, זײַנער געווען מסוגל
אַראָפּצורײַסן די מאַסקע פֿון זײַן פּנים", איבז, יאראָסלאוו האשעק, דער בראוועַר סאָלדאַט שווייק, קיִעוו? 1931. „ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס פֿון אַזאַ אָ', פֿון אַזאַ שרעקלעכער פֿארשוועכונג", יג, טמד, 1967 1 I.
אָפּטואונג — די, ־ען. פּראָצעס פֿון אָפּטאָן

(זיך). אָפּשאַפֿונג. פֿאַרריכטן עפּעס נאָך אַן אָ,. ״וואָס איז דעם מענטשן די שווערסטע זאַך צו [ד]ערטראָגן? די אָ, פֿון דער הצלחה פֿון אים,,, אמד, ספּורי חכמי יון, ווילנע תּרכּ,,ד.

אָפּטובֿלען — [... טויוולען] טרוו טובֿל אָפּ, ~געטובֿלט. 1. פֿאַרענדיקן טובֿלען. אָ, כּלים. ״זעט אויס ווי אַ גייענדיקע מצבֿה, גלײַך מע וואָלט אים אָפּגעטובֿלט אין אַ קאַרלסבאַדער הייסן שטרודל״, פּרץ, געדאַנקען און אידייען, ציקאָ, ז, 266. ,,אַ ווירקונג האָבן די ביכער גלײַך ווי מע וואָלט אונדז אָפּגעטובֿלט אין אַ פֿרישן קוואַל וואַסער״, בעמ II, ז, 24. *אָ, עמעצן אין קאַלט וואַסער — אויך: ווײַזן וואו ער האַלט אין דער וועלט. *אָ, די נ ש מ ה — נעמען אַ גוטן טרונק בראַנפֿן. 2. אָפּשמדן. ,,אָפּגעטובֿלט זיי און אָפּגעקריסטלט״, זש, בײַם דניעפּער, ווילנע 1939, ז, 388.

מיט ז י ך — זיך אָ, אין מקווה. זיך אָ, אין טײַכל. ״אַן אָפּשײַו פֿרן דער זון וואָס האָט געלאָזט אָ, זיך א ליכטיקן שטראַל אין די צעפּלעסקעטע וואַסערן״, שע, בלאָנדזענדע שטערן II, וואַרשע 1922, ז, 105. ,,די לבֿנה... טובֿלט זיך אָפּ אין דער וואַסער־קאַסקאַדע״, חג, דער מענטש פֿון פֿײַער, ז, 146. ־עניש.

אָפּטויבן — טרוו טויב אָפּ, ~געטויבט.
מאַכן מע זאָל ניט פֿילן (קיין ווייטיק). אָ אַלע
,
חושים. אָ, די נערוון. אָ, נאָר דעם טייל קערפּער
וואָס איז נייטיק פֿאַר דער אָפּעראַציע.   מיט
ז י ך.   ־ונג — „אין אַ פֿאַררוישונג, אָ',,,
ווײַס I ׀ י, 'ווי דער גורל פֿירט', ז, 145.
אָפּטויטן — ← אָפּטייטן.
אָפּטויטשען — טרוו ־טשע אָפּ, ~
גע.
טויטשעט.   אָפּשטויסן. אָפּרוקן מיט אַ פֿוס
(אויך אַ האַנט, אַ שטעקן). אָ, די קאָלדרע און
אַרויסרוקן די פֿיס. געווײנטלעך מיט ז י ך —
1. (שפּאַסיק, אין אַ שפּיל) זיך שטופּן, זיך
שלאָגן מיט די פֿויסטן.   2. (גראָב) האָבן
סעקסועלן פֿאַרקער.
אָפּטויכן — אוטוו טויך אָפּ, ...־,געטויכט.
אַראָפּקומען פֿון אַן אייבערפֿלאַך אין אַ

טיפֿע ׀

אָפּטוי ׀ ן

ניש. אָפּטונקען. אָ, אין וואַסער. אָ, אין אַ הייל,

זיך באַהאַלטן פֿון דער ברענענדיקער זון. מיט
ז י ך — „הערן מעשׂיות, אָ, זיך אין די טרוימען
וואָס מענטשן... האָבן“, י. אָקרוטני, א בוים
אין ווינט, לאָדזש 1948.

אָפּטויסן — טרוו. טויף אָפּ, ~געטויפֿט.
1. פֿאַרענדיקן דורכפֿירן די פּראָצעדור פֿון
באַשפּריצן מיט געהייליקט וואַסער, בײַם
אַרײַנברענגען אין אַ קריסטלעכער קירכלעכער
געמיינדע. אָ, דאָס קינד. אָ, די פֿרוי די
פּראָטעסטאַנטין וואָס האָט אויסגעקליבן די
קאַטוילישע נאמנה. 2. דטשמ. אָפּשמדן. „בײַ דעם
צווייטן באַל איז באַשטימט געוואָרן אַז אין
צוויי מאָנאַטן אַרום זאָל דער קאַרדינאַל זעלבסט
זי אָ'“, מע ה פֿונ'ם מהר„ל מפּראַג, אָרט? יאָר?
ז, 40. „מע וועט אים דאָרט אָ, ווי זײַן ברודער„,
ב בעקערמאַנן, זב, דער יודישער שפּיעגעל,
וואַרשע 1895, שפּ, 86.
מיט ז י ך — זיך אָ, אויס נויט. ־ונג.
־עניש.

אָפּטוישן — טרוו. טויש אָפּ, י.,געטוישט.
אָפּבײַטן. ,,איך האָב דז עשׂן אַן (שבת) אויז דר
רער אַרויז גנומן אונ, אָב גטוישט דז הינטן
פֿאָרנן גשטעלט אונ, דז פֿעדרשטי הינטר“,
עפּש, סידור תּפֿילות, אמםtט תּק,,ח, סט/ג [פֿון
אַ ווידוי פֿון אַן אשה אַ שכיבֿ־מרע]. ,,נאַכט
אום נאַכט האָבן זיי אָפֿגעטוישט דאָס איינער
פֿון זיי האָט געמוזט וואַכן און דער אַנדערער
געשלאָפֿן“, מעעtה א ינד , פֿפֿדא תּקנ“א. ,,אַלע
דרײַ חדשים מוז איך אים אָ, דעם וועקסל וועגן
מער זיכערהייט“, י. ג. מונק איבז, מסתּרי
פּאַריז, וואַרשע 1865. “זי האָט שוין כּמעט
געהאַט אָפּגעטוישט די גילדענע רענדלעך אירע
אויף אַ גאַנצן הונדערטער“, י. קייטעלמאַן,
פֿאָר 1965 III י 21. מיט ז י ד. ~טוישט,
דער. ־ונג. ־עכץ. ־עניש.
אָפּטול(י)ען — טרוו. ־ל(י)ע אָפּ, ~געטול(י)עט.
אָפּרוקן. אָפּטיילן. אָפּשיידן אַ טייל פֿון קערפֿער
פֿון אַ צווייטנס קערפּער. היפּוך פֿון צוטוליען.
אָ, די האַנט פֿון איר טאַליע. ,,האָט אָפּגעטוליעט
זײַן אָנגעבלאָזענע אונטערשטע ליפּ און אַ

געמוטשעטן שמייכל געטאָן,,, י. פֿאַליקמאַן, די
שײַנ קומט פֿונ מיזרעכ, מאָסקווע 1948.
געווײנטלעך מיט ז י ך — זיך צוטוליען
און דערנאָך זיך אָ, פֿון עמעצן. ,,זי האָט
געפֿילט אַז זי קען זיך שוין אָ,, אָבער [ער]
האָט זי געהאַלטן שטילניע אין זײַנע שטײַפֿע
אָרעמס,,, מ אלבערטאָן, שאַכטעס, מאָסקווע
1934. ־עניש.

אָפּטומלען — אוטוו ־מל אָפּ, ,געטומלט.
א לענגערע צײַט טומלען און אויפֿהערן.
,,נישקשה, די קינדער ווען באלד אָ''. אָ, אַ
טאָג און אַוועקפֿאַלן אַ פֿאַרמאַטערטער. ,,
אָפּגעטומלט האָט דער שטורעם, האָט זײַן כּעס
שוין אויסגעלאָזן'', יהדאש, 'זומער־נעכט'. ,,די
אַרויסגעטראָטענע פֿלעגן אָ, און אַוועקגיין'',
אָ. סטרעליץ איבז, שאָלאָכאָוו, אויפֿגעאַקערטע
רויערד, בערדיטשעוו 1937. מיט ז י ך —

18()1

אויך: פלאָנטערן זיך. פטרן צײַט אויף עפּעס
וואָס ברענגט ניט קיין נוצן. ''האָט ער זיך
אָפּגעטומלט אַ ווינטער... [און] איז געוואָרן
אויס גימנאַזיסט,,, שטערן, מינסק 7 1940, No־8.

־עניש.

אָפּטומפּיקן — טרוו ־יק אָפּ, ~געטומפּיקט.

.

מאַכן טומפּיק. אָפּטעמפּן. אָ אַ האַק, שער,

,

זעג אע.

אָפּטון (זיך) — ← אָפּטאָן (זיך). ״נון הוט זיך גוט יתברך דער אַלמעכטיג פֿון מיר אָבּ גיטון״, שמואל בוך, סטראָפֿע 735.

אָפּטונקלען — טרוו ־קל אָפּ, ~געטונקלט.

1. מאַכן (עס זאָל ווערן) טונקל. אָ, די גאַסן, אָ אַלע פֿענצטער ביזן סיגנאַל אַלץ קלאָר'.

,   ,

2. מאַכן טונקעלער. אָ, די העלע קאָלירן. „שוואַרץ טונקלט אָפּ די בלוי", ש. שפּיראָ, קליידער פֿארבערײַ, וואַרשע 1900, ז, 106. אויך מיט ז י ך. ־עניש.

אָסטונקען — טרוו. טונק אָפּ, ~געטונקט (~געטונקען). אַראָפּנידערן אין אַ וואַסער אָדער אין יעדער מין פֿליסיקייט וואָס זאָל אַרומנעמען פֿון אַלע זײַטן. אָפּטובֿלען. אָ, די הענט אין קוואַל־וואַסער. אָ, די המוציא אין הערינג־ראָסל. אָ, אַ רעטעכל אין זאַלצוואַסער.

„אַז ער האָט ניט קיין כּלי מיט וואָס צו
וואַשן זיך, מעג ער אָ, די הענט אין אַ טײַכל
וואָס זי האַלט פֿערציק סאה“, בּרכות מנחם
[קעניגסבּערג תּרי״ח] ז, ח/א. „מיר וועלן זי
אָ, גוט אין וואַסער!... דאָס וועט איר לערנען
ווי צו מישן זיך צווישן ערלעכע לײַט“, י. ג.
מונק איבּז, מטתּרי פּאָריז, וואַרשע 1865.
תּיכּף נאָכן אָפּשנײַדן דאַרף מען אָ, די וואָרצלען
אין אַ געמישעכץ פֿון ליים מיט בּהמהשע מיסט
מיט וואַסער“, מ. וועללער, ווי מען לאנצט אַ
סאָד, ווילנע 1900, ז, 27. פֿיג „דער
ראָמאַנטיקער טונקט אָפּ די ווירקלעכקייט אין דער
טיפֿקייט פֿון זײַן געמיט“, בּ. ריווקין, דאָס נײַע
לעבען, נ״י אפּריל 1913. *אָ, די נשמה —
דזוו אפּטובֿלען די נשמה. אָ, זייער גאָט —

אָפּשוויענטשען אַ הייליק קריסטלעך בּילד. *אָ,
דעם זכר (דעם זיין, דעם כּלי־זין) = וואול
וועגן אַ מאַן, דורכפֿירן אַ סעקסועלן אַקט.
מיט ז י ך — „בּיז ער האָט זיך אָפּגעטונקט

אין וואַסער, האָט ער ניט געטאָרט אַרײַנגיין אין
בית־המקדש“, בלעטער, No 4. „ער האָט זיך
אָפּגעטונקען אין דעם גרויסן וואַסער וואו מע
ווייסט שוין נישט קיין חילוק צווישן ייִד און
גוי“, בעמ , ז, 72. „אירע מחשבֿות טונקען זיך
אָפּ בײַ איר אויפֿן געזיכט„, בר כוכא, דער
פֿוטער, ווילנע 1894, ז, 4. „אין דער
לויטערקייט פֿון הימל טונק זיך אָפּ ריין און באַפֿרײַ
זיך פֿון דעם גיפֿטיק־שווערן אָטעם„, סעג,
שטילע מרוימען.

־עכן. ־עניש. —ערײַ.
אָפּטועכץ — דאָס, ־ן (־ער). אַקט פֿון
אָפּטאָן (←). ספּעצ כישוף. „זאָלן מיר טאַקע
אויסגעלייזט ווערן... פֿון אַן אָ, און פֿון אַלדי

אָפּטושירן

בייזע רוחות“, ייִל, דאָס פוילישע יונגעל,
וואַרשע 1895, ז, 110.
אָפּטועניש — דאָס (די), ־ן. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּטאָן ←). ספּעצ שפּיצל,
צו־להכעיסל. מיד ווערן פֿון אָ'ן. זײַן פֿאַרנומען
מיט אָ'ן. „אַפֿילו אַ דערוואָרגענע קאַץ האָט אירע

אָ'ן“, שוו. „ס'איז נישט חלילה קיין אָ', נאָר זי פֿאַרגעסט“, באש, גימפּל תּס, ז, 268.

אָפּטוער — דער, ־ס. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער עס טוט אָפּ, ספּעצ ווער עס קאָן טאָן שלעכטס מיט דער הילף פֿון כּישוף, פֿון מאַגישע שפּרוכן אע. קמ, 346 ,47 1868, No. „אַ שעלמע, אַן אָ'ין, אַ חוזק־מאַכערין“, באש, פֿאָר 1959 ▯ I 18.

־ערײַ.

אָפּטופּען — אקוזוו & טרוו. ־פּע אָפּ, ~ געטופּעט. פּפּ: ▯ ...„טרפּקען. 1. אָפּגיין אַ געוויסן שטח מיט שווערע טריט און קלאַפּנדיק. אָ, מיט די שטיוול דעם גאַנצן וועג ביזן בּיתמדרש. אָ, אין בלאָטע, איבער די גרודעס. 2. דזוו אָפּטאַנצן (מיט ביטול). אָ, אַ קאָזאַצקע. „טריט פֿאַרהילכטע פֿון די טענצער... אָפּ... געטופּעט און אַוועק“, אַל II, 'נאָכן מאַסקאַראַד'. 3. אָפּטרייסלען, אָפּקלאַפּן פֿון די שטיוול (שיך) וואָס עס איז צוגעשטאַנען צו זיי. אָ, דעם שניי און אַרײַנגיין אין שטוב.

מיט ז י ך — אויך: פּלאָנטערן זיך, דרייען זיך. „33 יאָר זיך אָפּגעטופּקעט אין דער עקאָנאָמיע„„ אי. קיפּנים איבּז, אָסטאַפּ ווישניאַ, שמייכלען, כאַרקאָוו 1929. ־עניש.

אָפּטוקן — דזוו אָפּטונקען. אָ, אין וואַסער.
,,געגוג זיך אָפּגעבאָדן און די קעפּלעך
אָפּגעטוקט“, פּרץ, לידער און פּאָעמען, ציקאָ,
ז, 417. ,,דער אַלטער האָט דאָס קינד
אויפֿגעהויבן פֿאַרן קעפּל און עטלעכע מאָל
אָפּגעטוקט אין וואַסער,,, אָפּאַ, 'ציגײַנער'.
מיט ז י ך — אָ, זיך אין מקווה. ,,די גאַנצע
שטוב האָט געגעבן אַ פֿאַל אין וואַסער,
אָפּגעטוקט זיך... און אַוועקגעשוואומען ווי נחס
קאַסטן,,, י. א קאצאָוויטש, 6o יאָר לעבן, ז, 39.
,,די נאַכט... טוקט זיך אָפּ אין דער
שטורמישער איינזאַמקייט פֿון גרויסן אָקעאַן,,, דא,
פֿון בערלין בין סאַן־פֿראַנציסקאָ, וואַרשע 1930,
ז, 99. “ווער וועט אַרויסשלאָגן פֿון מײַן האַרצן
דעם שטאַרקן קוואַל אין וועלכן דו וועסט זיך
אָ, און געפֿינען די ריינקייט,,, י. דאָברושין
איבז, אַנאַטאָל פֿראַנס, טאיִס, מאָסקווע 1937.
־עכ[illegible]ן. ־עניש.

אָפּטוקען — אוטוו ־קע אָפּ, [illegible]...,,געטוקעט.
אָפּקלאַפּן טוק־טוק־טוק. אָ, אין פֿענצטער (טיר)
מיט אַ פֿינגער ־עניש ־עריי.

— . .

אָפּטורמייטערן — ← אָפּטרומייטערן.
אָפּטורעווען — דזוו אָפּטאָרע(ווע)ן, ב3.

אָפּטור(ק)ען — דזוו אָפּטאָרקען ←.

אָפּטושירן — טרוו. ־שיר אָפּ, ־.־,(גע)טושירט.
פֿאַרענדיקן טושירן. אָ, די עטלעכע
פֿאָטאָגראַפֿיעס ־דנג.
.

אָפּטושן

אָפּטושן — טרוו. טוש אָפּ, ~געטושט. 1. דזוו
אָפּ־ושן ←. 2. אָפּשרייַבן אָדער אָפּצייכענען
מיט טוש. אָ, דאָס אָנגעצייכנטע מיט אַ בלייַער.
אָפּטושען — טרוו ־שע אָפּ, ~געטושעט.
.
רוסיצ אָפּלעשן. אָ, די קוילן.
אָפּט אָפּקען — דזוו אָפּטאָפּטשען ←. ספּעצ
י
וועגן אָפּטאָפּטשען אין בלאָטע.
אָפּט אָקען — טרוו ־קע אָפּ, ~געטיאָקעט.
י
.
פּפּ ~טיאָכ(ק)ען. אָפּשלאָגן, אָפּהרגענען
מיט קורצע און גיכע קלעפּ פֿון אַ פֿויסט. אָ,
עמעצן (אין) ביידע זייַטן. אָ, די לונגען.
אַפּטיוקע — גנ. שטעטל ביי קאָליש.
אָפּטיוקען — טרוו ־קע אָפּ, ~געטיוקעט.

אָפּטרײַבן אַ הונט (א חזיר, א גאָנער) מיט קלאַנגען טיוק־טיוק.

אַ פּטיטו'ד — די, ־עס. שפּא. (l u i a]: .>
פּעאיקייט. „איך קען אים נישט רעקאָמענדירן, ווײַל איך ווייס ניט זײַנע אַ'עס".

אָפּטיטלען — טרוו ־טל אָפּ, ~געטיטלט.

.

(אָפּפּטרן עמעצן מיטן) געבן אַ טיטל. אָ, עמעצן דאָקטאָר. „מיר האָבן אים אָפּגעטיטלט ר, פּעטער, אָבער צו זײַן עצה זיך ניט צוגעהערט".

אָפּטיטשן — טרוו טיטש אָפּ, .־,געטיטשט. אמ.

ן][1 . .>: eac. פּאַרענדיקן לערנען. „נו, שוין פּטור, שוין אָפּגעטיטשט אין פּאָבליקסקול". 2. אַ לענגערע צײַט לערנען. אָ, אין היברו עטלעכע צענדליק יאָר.

אָפּטיטשנע — אַדי. וואָס איז פּון (האָט אַ שײַכות צו) אַן אָפּטיקער. "פּאַבריק פּון אָ, אַרבעט", ווארשויער יודישע צײַטונג, 1867, No 36.

אָפּטיטשען — אוטוו & טרוו ־טשע אָפּ,

.

־,געטיטשעט. אָנווײַזן מיט א פּינגער, אַזוי

ווי שטעכן מיט אַ פֿינגער אין די אַדיגן. אָ, ווער עס איז דאָ שולדיק. אָ, אַ ל י ג ן (אין די אויגן).

אָפּטייטונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט פֿון אָפּטייטן. אָ, פֿון אַ נערוו. אָ, פֿון מענטשלעכע געפֿילן. אַן אָ, פֿון גלוסטיקייטן.

אָפּטייטן — טרוו טייט אָפּ, ~געטייט. פּפּ.

, טויטן, נר 1. מאַכן מע זאָל מער ניט פֿילן, ניט שפּירן. פֿאַרטויבן. באטויבן. אָ, אַ נערוו. אָ, דעם ווילן צום לעבן. אָ, אַן אבֿר, אַ גליד פֿון קערפּער.

2. מאַכן עס זאַל אָפּשטאַרבן, עס זאָל ניט ווערן. אָ, די געפֿילן, די עמאָציעס. אָ, רחמנות צו מענטשן. אָ, די קראַפֿט פֿון די הענט, פֿון די מוסקלען. אָ, זינדיקע גלוסטענישן. אָ, דעם גוף, דעם ח מר = ווערן אַסקעטיש. „אָ, זײַן קערפּער און ווערן אַן אַסקעט“, ח. קאהאן איבז, פּ. ענגעלס, וועגן היסטאָרישן מאטעריאַליזם, מינסק 1933. אָ, די צ ײַ ט — פֿטרן צײַט, אָנפֿילן

זי מיט אומניצלעכע טועניש, פֿאַרברענגען

אויף אַן אומאינטערעסאַנטן אדפֿן. ״פֿאַר אונדז
איז קונסט ניט שפּיל, קיין מיטל אָפּצוטייטן די
צײַט״, פּאַריזער צײַטשריפֿט, No ,1954 7. *אָ,
אַ ק ל אַ נ ג — אים דערשטיקן. ,,סיבּות וואָס
טייטן אָפּ די אַרבעט־פֿרייד...״, מוו, דער וועג
צו אונדזער יוגנט, ז, 88. ,,באַהערשט געוואָרן
פֿון יענער קאַלטער... רואיקייט וואָס פֿלעגט
שטענדיק אָ, אַלע איבעריקע געפֿילן״, חיים
גילדין, פֿליגל, קיִעוו 1939. ,,האַלטן
איבערגעצויגן די פֿאַרוואונדעטע האַנט אָדער פֿוס מיט
אַ זשגוט, מיט אַ זאַקרוטקע בערך צוויי שעה
צײַט טאָר מען ניט, ווײַל... אָן בלוט קען דער
אבֿר אָנהייבן אָפּגעטייט ווערן״, איבז, ט. אי.
מאַסלינקאָווסקי, ווייס ווי צו ▯ עבן ערשטע הילף,
מאָסקווע 1941 ־עניש ־ער.

. .

אָפּטייטעריש — אדי וואָס טייט אָפּ. וואָס
איז אין דער טבֿע פֿון אַן אָפּטייטער. אָ'ע
מיטלען. אַן אָ'ע אײַנשפּריצונג.
אָפּטײַטש — דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
-
פֿון אָפּטײַטשן. געבן אַן אָ, נאָר פֿון יוצא וועגן.
אַן אָ, אין אַ פּשוטער און פֿאַרשטענדלעכער

שפּראַך. „פֿאַר זיי איז דער ענדגילטיקער אָ,
נישט קיין איינהייטלעכער„, תּניא, פֿאָרוואָרט.
„... אַרויסציגעבן טיילן פֿון דער קלאַסישער
העברעאישער ליטעראַטור מיט אַ... וואָרט־אָ,
אויף ענגליש“, בצג, טמז, 19 X 1967.
אָפּטייטשונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּטײַטשן. ריכטיקע (פֿאַלשע)
אָ'. „שווער אָפּצוטיילן אָט די... פֿאַרוואָרצלטע
מיינונג פֿון... דער טיפֿער אָ'“, קאָר I, נ„י
1938, ז, 295.
אָפּטײַטשן — טרוו. טײַטש אָפּ, ~געטײַטשט.
--
געבן בקיצור (מיט איין אָדער בלויז אַ פּאָר
ווערטער) דעם באַטײַט אין דער זעלביקער
שפּראַך אָדער איבערזעצן אויף אַן אַנדער לשון.
קורץ אינטערפּרעטירן. אָ, ריכטיק (פֿאַלש). אָ,
א פּאַראַגראַף פֿון א געזעץ. אָ, דורך אַ משל.
„ער פֿלעגט מיט זײַן זינגעכץ כּמעט אָ, דאָס
וואָרט, ער האָט אַפּנים גוט פֿאַרשטאַנען
פּירושהמילות“, דער יוד, פֿאַר פסח, וואַרשע 1881,
ז, 121. “אין דעם בריוו טײַטשט אָפּ דער טאַטע
די משנה“, לדב, נ"י תּשי"ז, קכה. „דאָס ייִנגל
איז געווען אַ גרויסער ידען אין תּנך און האָט
געקענט אָ, דעם שווערסטן פּסוק פֿון איובֿ

אָדער יחזקאל", זלמן שזר, טמז 6 XII 1964.
אויך מיט ז י ך — "די שטעל האָט זיך
אָפּגעטײַטשט אָן שווערִיקייטן" ־עכ־ן ־ענִיש.
. .
־ער.
אָפּטייטשעריש — אדי. וואָס טײַטשט
--
אָפּ. וואָס איז ווי בּ־ אַן אָפּטײַטשער. נייטיקע
'
(איבעריקע) אָ'ע רייד. ־קייט.
אָפּטייל — דער ־ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּטיילן. דורכפֿירן אַן אײַליקן אָ'.
אָפּשיידונג. אָפּזונדערונג. "אין אונדזער
לעבנשטייגער איז נישט געווען קיין אָ, צווישן
לשונקודש און יִדיש", אפֿא, געטראַכט מיט ע־
ריטייטש, ז, 173. 2. אָפּטיילונג. [אָ, איז דאָס

אָפּטיילן

שפּעטערע וואָרט, לויטן מוסטער פֿון רוסיש:
[ת.־.־ .־[о.]. סעקציע. סעקטאָר. אָפּצווײַג. דיוויזיע,
טייל, דעפּאַרטעמענט פֿון אַן אַנשטאַלט, פֿון אַן
אינסטיטוציע. אַן אָפּטייל פֿון מיניסטעריום. אָ,

פֿון אוניווערסיטעט. אָ, פֿון בילדונג פֿאַר
דערוואַקסענע. לײַ אָ'. קרעדיט אָ'. סטראַכיר־אָ'.
גע־ -

זונט אָ,. „יעדער לערער מוז צופּאַסן דעם סדר
-

פֿון דורכנעמען געוויסע אָ'ן... צו דער
אַנטוויקלונג פֿון די קינדער“, ימ, שול—
גראַמאַטיק . , 1923, הקדמה. „נאָך אין מאַרץ 1941
איז בײַם שול־אָ, געגרינדעט געוואָרן אַן
אומשיכטונגס־קאָמיסיע, וואָס איר אויפֿגאַבע איז
געווען אײַנצוגלידערן יוגנטלעכע... אין
ווירטשאַפֿטלעכן לעבן“, ישעיה טרונק, לאָדזשער
געטאָ
אָפּטיילבאַר — אדי דטשמ. נר וואָס מע
קען אָפּטיילן. אָפּטייליק. אָפּטיילעוודיק. “די
שלייערס [פֿון גאָטהייט] זײַנען ניט אָ, פֿון
דער גאָטהייט ווי די פֿעל פֿונעם הירש איז ניט
אָ, פֿון אים גופֿא“, ט הייליקמאן, געשיכטע פֿון
דער געזעלשאַפֿטלעכער באוועגונג פֿון די יודן
אין פּוילן און רוסלאַנד, מאָסקווע 1926.
אָפּטיילונג — די, ־ען. 1. פּראָצעס אָדער
רעזולטאַט פֿון אָפּטיילן (זיך). אַ דויערדיקע אָ'.

,,איז דאָך אָבֿר אין פֿונדאַמענט איר אָבֿ טיילונג נור אין צווייא טיילן“, אדן י□ראל, מעץ 1766, יא/בֿ. ״טיילט אַזוי אָפּ די פֿינגער אַז עס זאָלן צווישן זיי זײַן פֿיר אָ'ען“, חא, כג/בֿ. ,,דער פֿלעק, די אָ'ען [פֿון] אָרעמע קינדער פֿון רײַכע איז נאָך אַלץ טאַקע געבֿליבֿן“, ממוס, שלמה. ,,אָ'ען און התבֿוֹדדות זענען ניט מעגלעך“, מ אונגער, טמז, 17 □4□19 I.

2. דזוו אָפּטייל [אָ, איז דאָס פֿריִערדיקע וואָרט]. פֿרויען־אָ'. מיליטער־אָ'ען. אָ'ען אין א צײַטונג. דאָרפֿישע, אונטערשטאָטיקע, הינטערשטאַטיקע אָ'. ,,מיר, אַן אָ, אין דער אַרמיי פֿאַרן ייִדישן קיום“. ״עס וואַרן [אין אַכסניא] צען אָ'ען... באזונדער“, אמד, דער פֿאָרטעפּיאַניטט, ווילנע 1878. ,,זעט אײַנצוריכטן אָ'ען צו אונטערשטיצן אַלמנות מיט יתומים“, קמ, 1866, No 35. ״פֿאַר די פֿרומע קריסטן אַן אָ, אין גן־עדן התּחתּון“, ממוס, 'שם און יפֿת.. ,,אין אַ זונטיק־טאָג אַהיימפֿירן זײַן מיידל אין אַ שכנותדיקער אָ'“, עוזר וואַרשאַווסקי, כאַליאַסטרע II, פּאַריז 1924, ז, 31. ״אין 1941 איז אין לאָדזשער געטאָ אַנטשטאַנען אַ ספּעציעלע אָ, פֿון דער מיליץ... [צו] באַשיצן די פּערזאָן פֿון רומקאָווסקין,,, ל. ג הורוויץ, כ״י, ייִדישער

היסטאָרישער אינסטיטוט [בלום, ייִשפּ I, 2 X].
אָפּטיילונגענווייז — אדוו. לויט באַזונדערע
--
אָפּטיילונגען. „זיי האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן אָ'", ש ברעגמאן, סרייפּעס, מאָסקווע 1925.
אָפּטייליק — אדי נעאָל וואָס מע קען אָפּטיילן. אָ'ע גרופּעס. אָ'ע גרייסן ־יקייט.
.
אָפּטיילן — טרוו טייל אָפּ, ~געטיילט. 1. אָפּזונדערן א הלק פֿון א גאַנצקייט. סעגרעגירן.

אָפּטיילן זיך

פֿונאַנדערטיילן. אָ, עטלעכע מענטשן פֿון אַ גרופּע. אָ, אַ גרופּע פֿון גאַנצן ציבור. אָ, אַ שטיקל טייג פֿון דער דייזשע. אָ, אַן אַלקער פֿאַרן פֿאָרפֿאָלק. אָ, אין פּאַלאַץ עטלעכע חדרים פֿאַר געסט. אָ, די האָר פֿון קאָפּ אין באַזונדערע לאָקן. „אָ, אין אַלע שטעט... פֿעלד אויף אַ הייליק אָרט", יד, ייִפֿאָל, 8 1881 X. „ווי קאָן מען אַ געשעעניש... אַן עפּיזאָד וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ שטיק פֿון מײַן נשמה אָ, פֿדן זיך?„, יק "דער אויסגעוואַקסענער ייִדישער אָרגאַניזם

האָט אָפּגעטיילט פֿון זיך אַ קאַטעגאָריע מענטשן
וואָס מיר רופֿן... איבּערגאנגס־טיפֿן", בעמ □I,
ז, 3□.

2. אָפּשיידן. סעפּאַרירן. אָפּזונדערן. אָ, ח ל ה.
אָ, ווייץ פֿון קלײַען. אָ אַ בעסערן סאָרט פֿון
,
אַן ערגערן. אָ, די גוטע תּלמידים אין אַ
באַזונדערער גרופּע. אָ, אונדזער תּקופֿה פֿון די
פֿריִערדיקע. אָ, אין דער צײַטונג אַ שפּאַלט פֿאַר
שאָך. מלל פֿאַרטײַטשט 'בהפֿרידו בני אדם,
(ד□רים, לבֿ, 8): „אבֿ גיטיילט" [תּי. „
צעשיידט"]. „אַ קראַנקע בהמה זאָל מען באַלד
אָ, פֿון די געזונטע„, המאסף, איבּז פֿון פּויליש,
ווילנע [ערשטע העלפֿט 19. י"ה]. „דער וואָס
הייליקע פֿון וואָכנטעג טיילט אָפּ", ממוס,
זמירות "טיילט אָפּ די געלעכלעך פֿון די
1926, ז, 174. "האָט דאָס ערשטע פֿאַרטאָגנ־ אָ
ווײַסלעך", מישולאָוו, וועגעט, קאָך בוך, נ"י

דיקע ווינטל אָפֿגעטיילט דורך נעפֿלען דעם
טאָג פֿון דער נאַכט", רחל קאָרן, ערד. „די
שס"ה לאַ־תעשׂה אויף אָפּצוטיילן די 365 אָדערן
פֿון דעם בלוט פֿון נפֿש החיונית", תּניא, צד.

3. אָפּגרענעצן. אָפּצוימען. אַן אײַזערנער פֿאָרהאַנג וואָס טיילט אָפּ די ,פֿאָלקס־
דעמאַקראַטיעס, פֿון דער מערבֿ־אייראָפּע. דער סועץ קאַנאַל וואָס טיילט אָפּ אַזיע פֿון אַפֿריקע. ,,אַ בלוי־זײַדן פּרוכת וואָס מיר רופֿן הימל טיילט אָפּ איין וועלט פֿון דער צווייטער‘‘, פּרץ, ' פֿענדע־סיעקל'. ,,אָט דאָ איז געפֿאַלן א וואַנט וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פֿון פֿאָלק‘‘, זשיט IX, נ‘‘י 1919, ז, 55. ‘‘גייט דררך דער איסאַגלאָס וואָס טיילט אָפּ איין אויסשפּראַך פֿון דער אַנדערער‘‘, מוו ייִבל I XI, ז, 103. ,,... געפֿילט אַז אַן אומדורכדרינגבֿאַרע מחיצה טיילט אים אָפּ פֿון פּרעזידענט‘‘, אָפּא, היבּרו, ז, 44. ,,אַ האַרבּסטיקער פֿײַכטער נעפּל האָט... זיי אָפּגעטיילט פֿון שטאָטישן אַרום‘‘, יוסף סמאָלאַזש, 'בײַם אָפֿענעם קבֿר'.

4. אונטערשיידן. דיפֿערענצירן. מבֿחין זײַן. אָ, דאָס פֿעסטגעשטעלטע פֿון סתּם סבֿרות. אָ, דאָס ווערטפֿולע באַזונדער. אָ, די פּלעווע פֿון אָ דעם ווייץ (דעם קאָרן). אָ, דאָס סולת פֿונעם פּסולת. אָ, דאָס רעליגיעזע פֿון דעם פֿאָלקלאָריסטישן. ,,איז שווער אין דער דעמערונג אַ טויטן־פֿאַקל אָפּצרטיילן פֿון אַ חתונה־פֿאַקל‘‘, א

דאָ, שוואַרץ־רויט, וואַרשע 1910, ז. 125. „שווער
אָפּצוטיילן אָט די אײַנגעזאַפּטע, פֿאַרוואָרצלטע
... מיינונג פֿון דעם אמת־קריטישן צוגאַנג“,
קאר I, נ״י 1938, ז. 295. “די מעכאַניסטן... אָ
טיילן אויך אָפּ... רײַסן פֿונאַנדער דעם

אלג)(1

געמיינעם פֿון דעם קאָנקרעטן“, שטערן, מינסק
No .4 1929. „אַז מע טיילט אָפּ, אַז ס'איז דאָ
אַ חילוק, צי די עבֿודה איז אין דער המשכה...
אַדער די עבֿודה איז אין דעם תּיקון פֿון וועלט„, א
לדבֿ, נ״י תּשי״ז, ז. 294. “דער געדאַנק און די י
איבערלעבונג ווערן אינעם ליד אַזוי
צונויפֿגעלעבט אַז איר קענט נישט אָ, איינס פֿון
אַנדערן“, אָפּא, וואַך איז דער םטעפּ
—אר אָרעמעלײַט. „דיא אַלי האָבּ איך נ אָ
שמה אָבּ
5. אײַנטיילן. אויסטיילן. צוטיילן. אָ, מעשׂר
פּ
גטיילט פֿון מײַן כּבֿוד“, בּע, כד/בּ. „איין
טובֿה איז אים אָפּגעטיילט געוואָרן: דאָס איז
די ליבּשאַפֿט פֿון דעם בּאַשעפֿער“, משה בּר אַ

,

נתן נטע איבּז, ש□ט מוסר, סדילקאָוו תקצ,,ג.
,,ווער האָט אים דען אָפּגעטיילט אַ שײַן ווי
דײַנעם?“, עט, לידער ,,וויי איז מיר! גאָט האָט
מיר אָפּגעטיילט נישקשה פֿון אַ חלק“, קמ,
No. 11, 1868. “פֿלײַס זיך [שבּת און יום־טובֿ]
ערלעך צו האַלטן... זיך פֿאַרגעניגן אָנצוטאָן
סײַ אין עסן סײַ אין טרינקען, נאָר טייל דיר
אָפּ אַ האלבּן טאָג אויך פֿאַר דעם בּית־המדרש“,
מ“א בּוילינסאָן איבּז, ארחות חיים, אַדעס
1898. ,,זיי [די מתנגדים] ווילן פֿריילעך זײַן,
גאָרנישט אָפּגעטיילט פֿאַר אַ מציוה־זאַך“, פּרץ,
חס□דיש, 'קלעצקין', ז, 60.
□ט□ילן זיך — דפֿוו אָ, זיך פֿון אַ
גאַנצקייט. אָ, זיך פֿון דער חבֿרה און מאַכן שבּת
פֿאַר זיך. אַ גרופּע עולים טיילט זיך אָפּ פֿון די
יוצאי־פּוילן. אָ, זיך פֿון דער וועלט, פֿון דער
אייגענער סבֿיבֿה. “איז אָבּער צווישן זיי געווען
גרויס אַחדות, האָבּן זיי זיך ניט געוואָלט אָ,
איינער פֿון דעם אַנדערן“, נחבּ, 'מעשׂה מז,
בּעטלירס'. ,,בּיז ער [דאָס קינד] טיילט זיך אָפּ
פֿון דער צוזאַמענבּינדונג מיט דער מוטער און
גייט אַרויס דורך דער געבּורט“, מלכּה

בערלאנט, די גליקלדכע מוטער,ווילנע 1836, ז, 1.
„ווערלנדיק זיך אָ, פֿון שותּפֿות, האָט פּלוני בּן
פֿלוני אַרויסגעצאָלט פֿאַר מיר“, צוויי ערליכע
יונגלעך . , פּיעטריקאָוו 1921, ז, 13. „... דער
כּלל־גדול אַז יחיד און קיבּוץ לאָזן זיך ניט אָ'“,
מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט, ז, 65. „שמעלץ
ווי גאָלד מיך איבּער אין דײַן פֿורעם / די
פּסולת זאָל זיך אָ, און בּלײַבּן זאָל געזאַנג„,
סוצ I, ז, 286. *די נשמה טיילט זיך אָפּ
פֿונעם גוף = מע לעבּט איבּער גאָר אַ גרויסן
שרעק.
־עכ ן. ־עניש. ־ער (־ן, ־קע).
—ערײַ.
פּטיילעוודיק — אדי וואָס מע קען
אָפּטיילן. דזוו אָפּטייליק. אָ'ע יחידים, גרופּעס.
אַ'ע גרייסן. אָ'ע חדרים פֿאַר בּאזונדערע
פֿאָרפֿאָלקן ־יקייט.

.
סטיילעריש — אדי וואָס איז ווי בּײַ אַן
אָפּטיילער. אָ'ע נטיות, כּוונות. אָ'ער
פֿראַקציאָנאַליזם. ־קייט.
פּטיילקאָם — דער, ־ען. סאַוו קאָמיסאַר
פֿון אָפּטייל. „עפֿנט זיך די טיר פֿון

קאַנצעאַפּטיי'ק

לאַריע און עס גייט אַרויס דער אָ, מיט אַ האַרמאָניק", נ ווײַנהויז אפֿ דער וואכ, מינסק 1932.

פּטייען — אוטוו. טײַע אָפּ, ~געטײַעט.

-

אָפּגיין (וואָס עס איז באַדעקט מיט אײַז). צעגיין פֿון וואַרעמקייט. „דאָס פֿאַרפֿרוירענע פֿלייש ועט אָ, ביז מאָרגן אינדערפֿרי". "צוגערוקט זיך צום אויוון די פֿיס זאָלן אַ ביסל אָ'".

פּטייסן — טרוו. טײַפּ אָפּ, ◌..־,געטײַפּט. אמ.

--

e◌[ty:◌<. אַפּשרײַבן אויף אַ שרײַבמאַשין. אָ, דעם מאַנוסקריפּט.

פּטיי'ק — די, ־ן. אויכ אַפּאָטייק. <איי <גר 'אויפֿהיטונג־אַרט'. געשעפֿט וואו עס

ווערן צ◌געגרייט רפֿואות לויטן רעצעפּט פֿון דאָקטער. אויך: קראָם פֿון אַלערליי היילמיטלען. פֿפ ראיעל ווי אַן אַ'. „א גליק האָט פּאָטראַסקעט, ווי א כאָלערע פֿאַר אַן אַ'". "תּהילים זאָל זײַן א רפֿואה וואָלט מען עס

געקויפֿט אין דער אַ◌", פֿוול „אַז אַ פֿויער גייט

אין אַן א, אַרײַן, באַקומט דער אפֿטייקער דעם קאַטער“, פֿול □ עסן איז אַן א, = עס קאָסט זייער טײַער“. “גיי ניט אין יענער קראַם, דאַרטן איז אַן אַ'““ [= מע רעכנט אַלץ זייער טײַער]. פֿאַרקויפֿן לויט אַ'־פּרײַזן. „צו ווישׂן דז אַל דיא פֿרעמדי זאַכן וואָשׂ מן גיפֿינט אין דיזן בּיכל דיא זײַן אַלי צו קויף אין דער אַפֿוט□ק“, קונשט בּיכל, אמשט, תּע“ח. „דוען איינר גיט אין איין גיוועלבֿ וואו מן בּשׂמים צו פֿר קויפֿן האָט מוז ער בּרכה מאַכן בּורא מיני בּשׂמים... אָבֿר אין איין אַפּטייק און, דר גלײַכן די בּשׂמים זײַנן ניט פֿון דען גירוך ויעגן... בּידאַרף ער ניט בּרכה צו מאַכן“, שה I, נח/בּ. „ע“א [על אודות] הנ“ל נעם אין דר אַפּטיק (עקסטראַקטום קאַטוליקום) פֿר איין אַלטן פּרשוין צוויי דריטל פֿון איין קווינט, און, פֿר איין קינט בּיז (יבּ שנים) איין האַלבֿ קווינט“, סור I□, יט. אין קללות: “זאָל דאָס עלטסטע קינד לויפֿן אין אַפּטייק און דאָס ייִנגסטע איר נאָכיאָגן = מע דאַרף שוין נישט“; „בּײַ זײַן הויז זאָלן שטיין דרײַ איזוואָזשטשיקעס, מיט איינעם זאָל מען לויפֿן צום דאָקטער, מיטן צווייטן אין אַ, און מיטן דריטן זאָל מען לויפֿן אָנזאָגן — אַז מע

דאַרף שוין נישט". "כל־זמן מע וועט אין די
אַ'ן נישט קאָנען אַרויסגעבן טראָפּנס גליק און
דאָזעס פֿרייד, איז אַלץ בלאָטע", ספּ, סודות
פֿיג: "די דאָקטוירים האָבן פֿאַרשריבן כלערליי
רעצעפּטן, אַלטע השׂכּלה־מעדיצין און רפֿואות
פֿון דער נײַער נאַציאָנאַליסטישער אַ"", שו,
שלוס אַש

ט ר ו ק ע נ ע אַ, — אַן אַ, וואָס האָט ניט די
אַמטלעכע דערלויבעניש אויסצופֿאַרטיקן
רפֿואדת לו▯טן רעצעפּט פֿון א דאַקטער. נ אַ ס ע
א אַן אַ, וואָס האָט יאָ אַזאַ דערלויבעניש.
, —
נ אַ ס אַ'ל — קרעמל מיט פֿאַרשיידענע
לאָבונגען, זיסקייטן, א▯יך מיט קרײַטעכצער, געווירצן
און פּאָפּולערע היילמיטלען ווי ריצנאייל,
חלשות־טראָפּנס אע, און 'באַבסקע, רפֿואות. אויך:
יעדע קראַם וואו מע רעכנט צו טײַער. „מע טאָר

אַפּטייקאַריש

דאָרטן די שוועל ניט איבערטרעטן — ס אַן אַ,!"
,

שפּאַסיק: יעדער ד אָ מ אַ ש נ ע אַ, (רוסיצ)
— היימישע, פּריוואַטע אַ, בײַ אַ הייל־אַנשטאַלט
פֿאַר פּריוואַטן באַנוץ. „די ד אַ, בײַם ייִדישן
,
שפּיטאָל“.
אַ'־ ס ק ל אַ ד אַ'־ ק ר אָ ם , וואו מע
פֿאַר ----
קויפֿט אַלץ וואָס איז נייטיק פֿאַר אַ קראַנקן
אָדער זאַכן אויפֿצוהיטן דאָס געזונט און וואָס
פֿאַר דעם איז ניט נייטיק קיין רעצעפּט פֿון
אַ דאָקטער. “אַ ספּעציעלן אינהילאַטאָר וואָס מע
קען קויפֿן אין יעדן אַ'־ס,“, פֿגעז, ווילנע 1928,
 [22. אַ'־ בּ ו ד — „איך בּין מער ניט ווי אַ
פּריקאַזטשיק אין אַן אַ,־בּוד און קען נאָך
הײַנט ניט הייראַטן“, ע. בּלאָשטיין, דאָט
עלעגאַנטע פּרײַלין, ווילנע 1895, ז, 31.
אַפּטייקאַריש — אדי וואָס איז שייך צו
אַן אַפּטייק אָדער צו אַן אַפּטייקער. אַ'ע וואָג.
אַ'ע פּינקטלעכקייט. „ווען די ציין זענען
געלעכערט איז גלײַכער צו רייניקן זיי מיט אַ'ן זייף
אַנשטאָט פּולווער“, דר, מ גאָטליעב, פּאָפּולערע
אַלגעמיינע היגעניע, וואַרשע 1908, ז, 58.
אַסטייק ער — דער, ־ס. ווב —ין, ־קע ־ס.
אויך: ־אַ'ר, אַ'רעס. דיפּלאָמירטער

ספּעציאַליסט אָנצופֿירן אַן אַפּטייק וואָס איז
באַרעכטיקט צוצוגרייטן רפֿואות לויט דעם רעצעפּט
פֿון אַ דאָקטער. פּראָוויזאָר. פֿאַרמאַצעווט.
בעלהבית פֿון אַן אַפּטייק. "צוויי קלוגע און איין
אַ"", פֿוול איר לויט דעם אײַנרעדעניש אַז אַן אַ,
איז בדרך־כּלל אַ טיפּש. "ער איז אַן אַ'ער" —
וועגן אַ קרעמער וואָס נעמט צו טײַערע פּרײַזן.
רייכלין 8 פֿאַרטײַטשט 'רוכל, (שיר השירים,
ג, 6): אַ'. מ׳ פֿאַרטײַטשט: 'מעשׂה רוקח,
(שמות, ל, 25) — „איין אַפּטייקר„ [תּי:
„בשׂמים־מישער„]. מלל פֿאַרטײַטשט: אַבֿקת
,
רוכל, (שיר השיריס, ג, 6) — „אַפּטעקר" [תּי:
„וירצשטויב פֿון קרעמער"]. „שריפּט
גילערנטי, בוימיינשׂטרשׂ, דאקטרשׂ, אַפּטיקרשׂ אונ,
קרעמירשׂ דיא דא בורגן, קיניגן און פֿירשטן,
אונ, זונשׂט אַנדרי גוט ווענדיג אַמפּטן...
׳
דיא צום מענשליך לעבין אין דער וועלט ניטיג
זיין„, אליהו בר, ליזר, תּלמיד צחקן מוסרי,
קוטניס, אמ׳ט 1692 [איבערדרוק]. „הצרי אין
בגלעד — איז דען ניט איין רפֿואה פֿון דען
אַפּטיקר אויז שטאָט גלעד צו היילן ישׂראל",
צאינה, קנה/ד. "דא שפּראַך דר וואַנדרשׂ מן:

איך בין איין אַפּטיקיר, אין דען גלאָז האָבּ
איך טריאַקוס ['ווילדע חיה, (גר), אַנטיקע
רפֿואה, אַ שמירעכץ אויף דער בּאַזע פֿון אָפּיום
וואָס מע פֿלעגט ניצן דער עיקר קעגן אַ בּיס
פֿון אַ ווילדער חיה]“, משל הקדמוני, אוסטרהא
תּקנ“ד. „דער וויסטער אַ', איין ייִד נאָר אין
שטאָט וואָס האָט ניט געוואָלט גאָרניט וויסן פֿון
גאָט“, פֿרוג II, ז, 302. אַ'ער־ג ע ה י ל ף =
וואָס אַרבּעט ניט אין זײַנער אַן אַפּטייק. אַ'
ערוו אָ ג.
אַפּטייקערײַ — די & דאָס, ־ן. 1. די. לאַגער
-
פֿון סחורות פֿאַר אַפֿטייקן. כעמישע
אונטערנעמונג וואו מע אַרבּעט אויס פֿאַרשיידענע

18()4

פּראָדוקטן וואָס ווערן געוויינטלעך פֿאַרקויפֿט
אין אַפּטייקן אָדער אַפּטייק־סקלאַדן.
2. דאָס. סכום זאַכן וואָס מע געפֿינט אין אַן
אַפֿטייק פֿאַרמאַצעווטישע פּראָדוקטן. פֿרעפֿאַראַט

וואָס מע קען קריגן אין אַן אַפּטייק. „דאשׂ
אַפּטיקרײַא וואשׂ היישׂט טר אַקה וואשׂ דאשׂ איז

י

צו מושט פֿון פֿיל קרײַטעכציר, דאָשׂ חאָטשי איטליכשׂ קרײַטעכץ האָט זעך בּזונדר אַ סגולה צו היילין איין קראַנקהייט, אבּר אַז זיי קומן זעך אַלי צום הוף בּאננדר ווערט פֿון זייא בּנייאט אַ נייאי סגולה וואשׂ העלפֿט צו אַלירלייא קראַנקהייט“, משה בּר, נתן נטע איבּז, ר, אליהו הכּהן, ש□ט מוסר, סדילקאָוו תּקצ“ג.

3. דאָס בּאשעפֿטיקונג פֿון אַן אַפּטייקער.

אַפּטייקעריש ־ערש — אד אַ'ערשע

י

,

וואָג, אַ'ערשע מאָס. אַ'ישע פֿליסיקייט־מאָסן.

.

„... און אין בּאָינע האַלט קושקע בּיינערדיקע רעדעס מיט אַ'שע ווערטער“, א. □ארפּינאָוויטש, ב□־ט ווילנער דורכהויף, תּ„אָ 1967.

אָפּטימאַ, ט — דער, ־ן. [געוויינלעך אין מצ].

<איי <ל. אַדעליקער, אַריסטאָקראַט אין אַנטיקן הערשנדיקן קלאַס אין דער רוימישער רעפּובּליק. ־טיע — די. הערשאַפֿט פֿון די אַ'טן.

אָבּטימאַ'ל — אדי. <איי <ל. וואָס איז זייער גוט. וואַס איז דאָס בּעסטע. די אָ'ע

באדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון שווערער אינדוסטריע. "קאָלווירטן וועלכע כאַפּן אַרום דעם אָ'ן ערד־שטח, בײַ דער געגעבענער טעכניק", די רויטע וועלט, כאַרקאָוו 1930 No 11־12.

"יעדן מיקראָב אַנטשפּרעכט אַן אַנדער טעמפּעראַטור אין וועלכער דער געגעבענער מיקראָב אַנטוויקלט זיך אמבעסטן. מיר רופֿן דאָס די אָ'ע טעמפּעראַטור", פֿגעז, פּאַריז 4 1950, No־ .

אָ'פּטימום — דער, ־ס. דאָס בעסטע. פּרוּוון דערגרייכן דעם אָ'. זיך באַפֿרידיקן נאָר מיטן אָ..

אָפּטימי'זם — דער, בא. <איי <ל. היפּוך פֿון פּעסימיזם. נטיה, נייגונג צו זען, צו פֿילן אַז דאָס גוטע וועט (מוזן) קריגן די אייבערהאַנט איבער דאָס שלעכטע. שיטה וואָס האַלט אַז גוטס און יושר מוז זיגן איבער שלעכטס און אומיושר, אַז דאָס גוטע אין לעבן איז אָדער וועט זײַן אַ סך מער ווי דאָס שלעכטע. ,,יידן גלייבן און וואַרטן אויף דעם יום שכּולו טובֿ". "די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן מיטן באַשעפֿערס ,כּי טובֿ'". ,,אָ, — דער סוד פֿון אונדזער נצח־ישׂראלדיקייט". ,,אָ, דאַרף זיך דערנערן ניט מיט ליגן, נאָר מיט אמת", איבז, מ. ראָזענבליום, יוליוס פֿוטשעק, מיט אַ שטריק אַפֿנ האַלדז, מאָסקווע 1948. ,,אַז ער]

רינגעלבלום] וואָלט ניט געווען באַוואָפּנט מיטן
היסטאָרישן אָ, אונדזערן, וואָלט ער נישט געהאַט
דעם גײַסטיקן כּוח אַזוי געטרײַ צו
פֿאַרצייכענען. ער האָט אָבער געגלייבט אַז אַ ייִדיש
פֿאָלק וועט בלײַבן", אפּא, טמז, 30 1964 III.
אָפּטימיסט — דער, ־ן. וונ ־ין, ־קע, ־ס. ווער
עס איז אַן אָנהענגער פֿון אָ'יזם, איז לויט זײַן

אָפּטיפּן

וועלט־געפֿיל נוטה צו אָ'יזם. „דער אָ, זאָגט:
אַ האַלב פֿלעשל איז פֿול', דער פּעסימיסס
,
זאָגט: ,אַ האַלכ פֿלעשל איז ליידיק'„, שוו
„מיר זײַנען אָ'ן ווײַל מיר זײַנען ייִדן. מיר
זײַנען ייִדן ווײַל מיר זײַנען אָ'ן„, רעד, משה
ראָסטיג, יודישער קאלענדאר לשנת תּרע"ב,
לעמבערג 1911. "מאָדנע האַרציקע אָ'ן זײַנען
דאָס! מע ליגט אין געהאַקטע וואונדן און מע
טרייסט זיך מיט אַנאָדין־טראָפּנס", אַלטער
קאציזנע, די שטימע פֿון טאָל, זב, נ„י 1940.
־יש — אַדי. אַן אָ'ישע אָפּשאַצונג. אַן אָ'ישע
אייפֿאָריע. „שבֿועות גיט דעם נייטיקן אָ'שן
באַלאַנס: ער ווײַזט אַז דער קאַמף פֿון דער

מענטשהייט ביז אַהער איז ניט געווען
אומזיסט", זשיט I, נ"י 1912, ז, 253.
־עווען — אוטוו. נעאָל איר. זיך
אַרויסשטעלן ווי אַן אָ,, רעדן אָדער טראַכטן אויף
אַן אָנגעבלאָזן אָפּטימיסטישן שטייגער, בײַ
א גאָלאָמבּ, טאָג, 16 1968 III.
אָסטינקע(ווע)ן — טרוו. טינקעווע אָפּ, ~
געטינק(עווע)ט. פֿאַרענדיקן באַדעקן מיט טינק,
וואַפֿנע (ווי ניט איז). אָ, די ווענט. אָ, די גאַנצע
שטובּ. אָ, מיט אַ פּאַסטע פֿון וואַסער, קאַלך און
זאַמד. "אַ הילצערנע שטובּ מיט אַ גאַניקל, כמעט
איין פֿאַסאָן... מיט די אַלע אַנדערע הײַזער
דאָרט, ניט מער וואָס זי איז אָפּגעטינקעוועט,
ווײַס אָפּגעשמירט", ממוס, שלמה. ־עודער
— דער.
אָפּטיעסען — ← אָפּטעסען.
אָפּטיעשען זיך — אוטוו ־שע זיך אָפּ, זיך
געטיעשעט. אויפֿהערן זיך צו טיעשען,
אָדער אַ לענגערע צײַט זיך פֿאַרווײַלן, זיך
אַרומשפּילן און דערבײַ זיך טרייסטן און הנאה
האָבן. אָ, זיך מיט די אייניקלעך. אָ, זיך מיט
דער אַרבעט אין פֿאַראיין. ־עניש.
אָפּטיפּן — טרוו. טיפּ אָפּ, ~געטיפּט. 1. לד
אָפּפֿאָטאָגראַפֿירן. אָ, די גאַנצע משפּחה. ,,לייגט

מען אַוועק פֿאַר דער פּלאַסטינקע אויף וועלכער
עט ווערט אָפּגעטיפּט אַ שטערן... אַ געלע
שטיקל מאַטעריע“, בלעטער, No 27.
2. שאַפֿן אַ טיפּ, אַ כאַראַקטעריסטישע
געשטאַלט אויף דער בינע. „דער טעאַטער האָט
כאַדאַרפֿט אָ, יוסטע אָדער פֿאַרצאָגטע בירגער
אין זייערע מלבושים, מיט זייער אָרטיקן
ד אַלעקט און מיט... זייערע קאַפּריזן“, מוק,
י

טעאַטער און אידיש טעאַטער, ז, 12.
3. בכלל אימיטירן, נאָכמאַכן. „ער האָט מיר
אָפֿגעטיפֿט יעדע תּנועה מיט אַזאַ שׂמחה“,
מע[illegible]ה אל[illegible]ס.
מיט ז י ך — „דער זון איז געקומען, בין איך
מיט מײַן אַלטע געגאַנגען אָ, זיך מיט אים“.
־ונג.
אָפּטיפּן — אוטוו & טרוו. טיפּ אָפּ, ~געטיפּט.
אַמ. [illegible] [illegible]o [illegible]i] [illegible]o [illegible]:[illegible] <. געבן אָנצוהערעניש,
איבערגעבן וואָס איז ניט אַלעמען באַוואוסט,
כדי אָנצוּווײַזן ווי זיך אויפֿצופֿירן, ווי עפּעס
אויסצוניצן. „די קליגערע אַקסריסעס פֿלעגן

אָפּטי וסן

איינע די אַנדערע אָ, ווי [יענעם] אָפּצונאַרן„,,
נ. זאַלאָוויץ, פּאָר,)196 18.

אָפּטי'פּוסן — אוטוו. [עאָל. דורכמאַכן אַ טיפּוס־קראַנקייט. „שטיבער האָבּן אָפּגעטיפּוסט, אָפּגעהונגערט אַ גאַנצן ווינטער“, בערג, באם דניעפּער I, עמעס', ז, 472.

-

אָפּטיסן — טרוו. טיף אָפּ, ~געטיפּט. מאַכן טיפּער. אָ, דעם ריוו, די גרובּ. ־ונג.

אָפּטיצ()ען — טרוו ־צ(י)ע אָפּ, ,געטיצ(י)עט. 1. אָפּנאַרן. אָפּשווינדלען. אָ, ווי אַ קינד. „צי פירט ער עס קעגן מיר אויך זײַן אַמביציע און מיינט מיך אפּשר אָפּצוטיציען?“, ייִל, דאָס פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895, ז, 149. 2. אַרײַנרוקן. אַרײַנשטעקן. אַרײַנזאָגן. אָ, אַ פינגער אין די אויגן. אָ, אַ פײַג אונטער דער נאָז.

אָ אַז די שוועסטער איז אַ הור. אָ אַ פֿויסט

,   ,

אין די ריפּן אַרײַן. „האָט מען מיר, אָפּגעטיצעט
גלײַך אין די ציין א פֿײַג: 'וואָן, אָפּיקורס!,“,
ייִל, פּריטשעפּע I, אַדעס 1876, ז, 40.
מיט ז י ך — „טיצע זיך אָפּ פֿון יאָלד, ווײַל
ער קנאַסט, קענסט פֿאַרשיט ווערן“ (
אונטערוועלט, וואַרשע) = טראָג זיך אָפּ פֿון דעם
נאַאיוון, ער דערשפּירט עפּעס, ער האָט אַ חשד,
דו קענסט אַרײַנפֿאַלן אין תּפֿיסה. ־עכ ן.
־עניש.
אָפּט יק — די, ־ס. <איי <גר 1. (פֿיזיק)
לערע וועגן ליכט. 2. (פֿיזיאָלאָגיע) לערע
וועגן זעעוודיקייט און וועגן מעסטונג פֿון דער
זעקראַפֿט. „דער בּוים און דער בּאַרג לערנען
אונדז די אָ, און די נערוועןֿ־פֿיזיאָלאָגיע —
בּלײַבּן דרויסן וואו זיי שטייען“, זשיט II, נ“י
1912, ז, 37.
־יקער, דער, ־ס — געלערנטער ספּעציאַליסט
אומצוגיין מיט אינסטרומענטן וואָס האָבּן צו
טאָן מיט אָפּטיק. טפּעצ, ווער עס פּאַסט צו
בּרילן צו אינדיווידועלער זעקראפֿט. „פֿון דאָרטן
האָט זיך די חבֿרה געוואָרפֿן אויף אַ קלייט פֿון

אַן אָפּטיקער (א פֿאַבריקאַנט פֿון בּרילן, שפּאַקטיוון אאַזוו)“, ייִפֿאָל, 6 1885, No. אָפּטי'שן

— מ
־יש — אד אָ'ישער נערוו. אָ'ע אַקס. אָ'ע

אילוזיע. אָ'ע אײַנבּילדונג. אָ'ע מכשירים. אָ'ער צענטער. אַן אָ'ער אָנצילער פֿון אַ בּיקס. „דורך קיין אָ'ישן אינסטרומענט קענען מיר נישט דערזען די אויסערלעכע וועלט אין אַזעלכע שיינע פֿאָרמען ווי דורך די אויגן פֿון אַ יונגן מענטשן וועלכער פֿירט אַן אײַנגעהאַלטן לעבּן,,, דר, ט. קאָרניג, היגעניע פֿאַר אונפֿערהייראַטעטע, וואַרשע 1908, ז, 32.

אָפּטיקען — טרוו. ־קע אָפּ, ~געטיקעט.
1. אוקר. דזוו אָפֿטיצ(י)ען. 2. דזוו אָפּטיטשען .

אָפּטיר — דער, ־ס. ל . קליין ריטשקעלע (טײַכל). אַ מין שמירעכץ.

אָפּטירן — אוטוו. אָפּטיר, אָפּטירט, <איי <ל.
1. אויסקלײַבּן צווישן צוויי מעגלעכקייטן, אָ,

בײַ אַ ברירה. 2. דעקלאַרירן אַז מע וויל אָ־
י

נעמען אַ נײַע בירגערשאַפֿט. אָ, פֿאַר קאַנאַדער
בירגערשאַפֿט, פֿאַר ישׂראל־בירגערשאַפֿט, פֿאַר
„וועלט־בירגערשאַפֿט“. ־דנג.
אָפּטירפּענען — אַקוזוו ־פּע אָפּ, ~געטירפּעט.
.
לד i ו]][i : ׃ <. אין פֿאַרבינדונג מיט פֿ ו ס.
אָפֿזיצן אַ פֿוס. „עס האָט מיר אָפּגעטירפֿעט אַ
פֿוס, מע דאַרף זיך אַ ביסל דורכגיין. — וואָס
איז עס אָפּגעטירפּעט? — עס האָט מיר
אָפּגענומען אַ פֿוס, אַ פֿוס איז מיר אײַנגעשלאָפֿן“,
רייד (אַניקשט, ליטע).
אָפּטלומאַטשען — טרוו. ־טשע אָפּ, ~
געטלומאַטשעט. פּפֿ: ,טאָלמאַטשען.
אָפּטײַטשן, מיט אַ סך רייד אויפֿקלערן. אָ,
אומקלאָרע רייד.
אָפּטלען — אוטוו. טליִע אָפּ, ~געטליִעט.
אויפֿהערן טליִען. “די קוילן האָבן שוין
אָפּגעטליִעט, אין אַש זענען מער ניטאָ קיין פֿונקען“.
אָפּטליקען — טרוו. ־קע אָפּ, ,געטליקעט.
וואול. פֿאַרענדיקן אַ סעקסועלן פֿאַרקער. „ער

האָט זי אָפּגעטליקעט א□ן מער ניט געוואָלט וויסן פֿון איר“. געוויינלעך מיט ז י ך — אַ סך מאָל, אַ לענגערע צײַט, נאָר וועגן אַ פֿרוי.

אָפּטעותן — [... טאָ'עסן]. אוטוו & טרוו.

טעות אָפּ, □.־,געטעותט. מאַכן אַ סך טעותים. קאַליע מאַכן דורך אַ צאָל טעותים. אָ, אין לעבֿן בײַ יעדן וויכטיקן שריט. אַזוי אָ, אַ חשבון מע זאָל דאַרפֿן איבערערכענען פֿונדאָסנײַ.

אַפּטעטשנע— אַדי. my: □e□ק1 .>□ :a. וואָס איז אין אַפּטייק. אַ, סחורות. 2. אַפּטייקאַריש. אַפּטיי'קעריש. אַן אַ,(ר) סקלאַד. אַ'ע פּרײַזן.

אַסטעטשעקע(לע) — די (דאָס). ספּעצ. אַזוי רופֿן סטאָליאַרעס אָן די פּאָליצע וואו מע האַלט שמירעכצן, קלײַען אע. אויך: דאָס אַפּטייקל.

אָפּטעכערן — טרוו ־ער אָפּ, ~געטעכערט. 1. אוקר. אָפּפּלאַנירן. אויספּלאַנירן. אָ, וואו פֿריִער צו זײַן און וואו שפּעטער. אָ, ווי צו גנבֿענען די גרענעץ. 2. אָפּטערכען, שלעכט אָפּשרײַבן. מיאוס אָפּשמירן. אָ אַ בריוול מיט

,

די ווילדסטע גרײַזן. אָ, די ווענט מיט אַ מיתהמשונה־קאָליר. ־עניש. —ערײַ.

אָפּטעם — [... טאַ'עם] דער, ־ען. נעאָל. טעם

וואָס בלײַבט איבער. נאָכטעם. „דער אָ, געוועזן איז האַמעטנע פֿליישיק“, סוץ I, ז, 488 ־יק

.

— אַדי.

אָפּטעמען — [... טאַ'עמען] טרוו. טעם אָפּ, ~געטעמט. פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַ צאָל שפּײַזן, געטראַנקען. אָ, דאָס געקעכטס. אָ, פֿון אַלע טעלער. "אַ קעכין עסט ניט, זי טעמט נאָר אָפּ". ־ עניש.

אָפּטעמפּן — טרוו. טעמפּ אָפּ, ~געטעמפּט.

1. אָפּשטומפּיקן. אָפּשוואַכן די שאַרפֿקייט. אָ, די האַק, דאָס מעסער, די שער אע.

2. מאַכן ווייניקער שפּירעוודיק, ניט אַזוי פֿילעוודיק ווי פֿריִער. מאַכן ווייניקער קאָנטיק,

אָפּטעמפּטלען

ווייניקער בולט. אָ, די געפֿילן. אָ, די נערוון. אָ, דעם חוש פֿון גערעכטיקייט, דאָס געוויסן. אָ, די וואַכזאַמקייט. אָ, די חילוקי־דעות. אָ, די בושה. "בײַ דער הערשנדער נאַציאָנ... אַנטוויקלט זיך שאָוויניזם, דער געפֿיל פֿון גערעכטיקייט ווערט אָפּגעטעמפּעט", ב. ב־קי, אונזערע פֿאָדערונגען, זשענעוו 1905. „בײַ פֿענצטער האָבן

מאַמעס אָפּגעטעמפּט דעם ווינד־און־ווײ און
קינדער אײַנגעשטילט מיט שמעטערלעך“, פּמ,
מלחמה II, נ״י, ז, 488. „די צײַטן וואָס מיר
לעבן איצט איבער טעמפּן אין אונדז אָפּ די
פּעאיקייט צו זאָגן קדיש“, גרינ, כלעטלעך פּון
אַ טאָג־בוך, ז, 358. „אָפּצוטעמפּן די
אידעאָלאָגישע קאָנפּליקטן אין ייִדישן לעבן און
אײַנצושטעלן אַן אוניפּאָרעמקייט“, דר, מארגאָשעס,
טאָג, 15 XII 1962. ״יעדע איבערטרײַבונג טעמפּט
אָפּ די שפּראַך“, באַש, פּאָר, 10 ם 1966 II.
מיט ז י ך — „אַפּילו היפּוכים טעמפּן זיך
אָפּ“. „אַפּילו גרוילן טעמפּן זיך אָפּ“. ״די
שאַרף פּון ערשטן ווייטיק האָט זיך
אָפּגעטעמפּט“, הר, פּאַרנאַכט. —דנג.
אָפּטעמפּדיק — גערונדיוו, אדי אַן אָ'ע
אַרבעט. די אָ'ע יאָרן אין דער תּפֿיסה —יקייט.

.

־ערהייט.
אָפּטענדלען — ־דל אָפּ, ~געטענדלט. אוטוו
— אויפֿהערן האַנדלען מיט אַלטע זאַכן אָדער
אַ לענגערע צײַט האַנדלען מיט זיי. אָ אַ גאַנץ
,
לעבן איבער די הויפֿן. „גענוג, שוין
אָפּגעטענדלט“. טרוו — פֿאַרקויפֿן לאחדים און

בּיליקער ווי עס איז דער פּרײַז, כּדי פּטור צו
ווערן פֿון דער סחורה. אָ, די מאַרינאַרקעס, די
שיך אאַזוו. —עניש.
אָפּטענהן — [... טײַנען] אוטוו & טרוו.
1. טענהן אַ לענגערע צײַט. אָ, עטלעכע שעה
און גאָרנישט אויספּועלן. „דײַן לערער האָט
נעכטן בּיז די הענער [= אַ גאַנצע נאַכט] מיט
די יונגען אָפּגעטענהט פֿיזיקע און דער
שוואַרציאָר ווייס נאָך וועגן וואָס", חי"ה זעלדעט,
ווינטער אָבענדען, וואַרשע תרנ"ח, ז, 42.
2. אויפֿהערן טענהן. "ס'איז מיר שוין טרוקן
אין מויל. איך האָבּ שוין אָפּגעטענהט„. „נו, ער
האָט שוין בּרוך־השם אָפּגעטענהט, דער גנבֿ,
דער מאָשעניק", אמד, יעקעלע גאָלדשלעגער,
זשיטאָמיר 1868.
3. מיט רייד, מיט טענות אָפּוועגדן, אָפּשלאָגן.
אָ, ד אַלע כלומרשטע בּאַשולדיקונגען. אָ אַ
י ▯

שטראָף.
אויך מיט ז י ך — „זי וואָלט זיך
אָפּגעטענהט אַפֿילו מיטן מלאך־דומה„, — זי קען
אַזוי פֿיל טענהן אַז זי קען פּועלן בּײַם ערגסטן.
—עניש. ־ער (—ין, ־קע). ־ערײַ.

אָפּטענטלען — סרוו. ־טל אָפּ, □ ־,געטענטלט.
1. באַפֿלעקן, אָפּפֿלעקן מיט טינט. אָ, דעם טישטעך. 2. אָפּשרײַבן גיך און שלעכט. אָ, אַ בריוו מע זאָל אים ניט קענען דורכלייענען. 3. אָפּשמירן. אָ, מיט פֿאַרב, עס זאָל אויסזען חלשות. 4. אויפֿהערן טענטלען אַדער טענטלען אַ לענגערע צײַט.

אָפּטענצלען

־עכ□ן. ־עניש. ־ער (—ין, ־קע□.
—ערײַ.

אָסטענצלען — דזוו. אָפּטאַנצן (←) מיט קליינע, דראָבנע טריטעלעך.

אָסטעסטירן — טרוו ־טיר אָפּ, □..,,(גע)
טעס□
טירט. אויפֿהערן, ניט דאַרפֿן מער טעסטירן אָדער טעסטירן אַ לענגערע צײַט. אָ, די פֿעאי— קייט אויפֿצונעמען מעלאָדיעס. “וויפֿל דאַרף מען האָבן אָפּטעסטירט בכדי מע זאָל קענען האַלטן אַן דער טעסט איז אויסגעפֿרוּווט”, מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט, ז, 96. ־ונג.

אָפּטעסען — טרוו ־סע אָפּ, ~געטעסעט. פּפּ

~ט(י)עס(י)ען. אַרומהאַקן, אָפּהאַקן מיט
א שאַרפֿן אינסטרומענט. אָ אַ שטיין פֿאַר אַ
,
מצבֿה. אָ, די קלעצער מיט א האַק. אָ, און דינער
מאַכן. אָ, די ה ע ר נ ע ר — צונעמען פֿון

עמעצן די מעגלעכקייט צו טאָן שלעכטס. *אָ,
די פֿ ל י ג ל — שטערן דורכפֿירן אַ באַהאַרצטן
פֿלאַן. „חכמה האָט אויסגעבויט איר הויז, האָט
זיך אירע זיבן זײַלן אָפּגעטעסעט“, מס, משלי
תקע״ד, ט, 1. ״דער מזבח זאָל זײַן פֿון שטיינער
... ואָלסט ניט אויפֿהייבן אויף זיי קיין אײַזן
אָמציטעסען זיי“, חעט, דבֿרים, כז 5. אויך
מיט ז י ך — „בשעת גאַט האָט געטעסיעט די
זײַט... בײַ אָדם־הראשון... האָט זיך
אָפּגעטעסיעט שטיקלעך פֿלייש און ביין“, חירס
בראָד ווסקי, די אטיפּה אין דער שטאָדט עציון
גדר, באַרדיטשעוו 1889 ־עניש.
.

אַסטעקאַר סקע — אדי. רוסיץ דזוו
אפּטייקעריש. ״זי האָט פֿײַנט א'סקע אוטשעניקעס,
... עס שמעקט פֿון זיי שטענדיק מיט רפֿואות“,

פאו יזער צ□־ט□]רופּט, 1956־57, No 15־□)1, ז,
.69 ־ ס ט וו ע — די. פֿאַרמאַצעווטיק. ,,ער
בּרויכט עס צו לערנען צו זײַן אַ'סטווע“, אמד,
דער ש□עימ מאָלצײַט, ווילנע 1877.

אָפּטעקלען — טרוו ־קל אָפּ, ~געטעקלט.
1. אָפּטאָקן. אָפּדרעקסלען. אָ, די עץ־חיימס.
2. אָפּצאצקען אַ רעדע, אַ בּאַגריסונג אע אָ אַ
,
שריפֿט לכּבֿוד דעם יובּילאַר. אויך מיט ז י ך
— “האָט זיך אָפּגעטעקלט א דרשהלע, צו קושן
יעדער וואָרט“. ־עניש.

אַפּטעקער — דזוו אַסטייקער. אַזוי אויך:
אפּטעקערין, אַפּטעקערײַ.

אַפּטעראַ'ל(יש) — אַדי. <איי <גר. (
אַרכיטעקטור). וואָס האָט ניט קיין קאָלאָנאַדע.
אַן אַלטער, אַ'ער טעמפּל.

אַפּטעריג אַ'ל(יש) — אדי. <איי <גר.
,
(זאָאָלאָגיע). וואָס האָט ניט קיין פֿליגלען. אַ'ע
אינסעקטן.

אַפּטעריקס — דער, ־ן. קיווי־פֿויגל. פֿויגל
פֿון נײַזעלאנד און אויסטראַליע, כּמעט אָן
פֿליגלען און אָן אַן עק, מיט אַ לאַנגן שנאָבּל.
די פֿעדערן זעען אויס ווי האָר, אויף די קורצע

פֿיס דרײַ פֿינגער. A]□□e□ry□ au□□□alis.
אָפּטערכען — טרוו ־כע אָפּ, ~געטערכעט.

18()6

1. אָפּשמירן. אָפּפּאַטשקען. אָ, די ווענט. אָ, די
היימאַרבעט.
2. בכּלל אָפּֿמרש(ער)ן. אָפּטאַנדעטעווען. אָ, אַ
שטיקל אַרבעט ווי אַ לערן־ייִנגל. "ס'איז ניט
הויזן, ס'איז אַ זאַק. ווער האָט עס אַזוי
אָפּגעטערכעט?".
3. אקוזוו. ווי ניט איז אָפּלעבן, דורכלעבן.
דורכשטופּן די יאָרן. „איך וויל ניט ווי
מײַן טאַטע ע"ה אָ, מײַן לעבן אין קליינעם
שטעטל". „וואָלט איך עס פֿאַרקויפֿט, געמאַכט
אַ שיין קאַפּיטאַל, וואָלט געלעבט נגידיש אויף
קאַשע מיט יויך און אָפֿגעטערכעט אַזוי מײַנע
אָרן", ממוס, קליאַטשע —עניש.
י

אָפּטערעבען דען — טרוו ־דע אָפּ, □,(גע)־
.
טערעבענרעט. פּפֿ. ־ד(ז)יען. פֿאַרענדיקן רעדן
אַ סך, מיט אַ טומל און גאָרניט זאָגן.

אָפּפֿלאַפּלען. "ער האָט אָפּגעטערעבענדעט העכער
אַ שעה און פֿרעגט מיך בחרם וואָס ער האָט
געזאָגט„„ ▯ הײַקין, ייִד, קולטור, נ"י 1962,
▯] 7.

אָסט(ע)רעלייקען ־ טרוו ־קע אָפּ, ~
געט(ע)רעלייקעט. אָפּזינגען (אומגעראָטן און
צעצויגן, אויך ציטערדיק). אָ, די גויאישע
לידעלעך. "דער חזן האָט שוין אָפּגעלייענט די כתוּבה
און אָפּגעטערעלייקעט דעם לעצטן מי־אַדיר",
ייִל, דאָט פּוילישע יונגעל, אַדעס 1895, ז, 99.
מיט ז י ך.

אָפּטערעפּיען — טרוו. ־פּיע אָפּ, ▯,
געטערעפּיעט. סל. אָפּצופּן. אָפּפּליקן. אָ, די צויטן.
אָ אַ האַלבן אַרבל.
,

אָפּטעשען זיך — אוטוו ־שע זיך אָפּ, זיך
~געטעשעט. אויך: טיעשען זיר. סל
אָפּפֿרייען זיך. אָ, זיך מיט די אייניקלעך. הנאה
האָבן וו אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר צרות. נאָכן
,
▯ריצײַטיקן טויט פֿון זון זיך אָ, מיט די
אייניקלעך.

אָסטראָג ־ דער, ־ן. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿרן אָפּטראָגן (זיך). אָ, פֿון תּבֿואה פֿרן אונטער
דעם דרעשער. ״ער טאָר אים ניט אונטר זײַן
(פּנים) קומן, דען ער מושט פֿאַר וואול איין אָבֿ
טראָג טון דשׂ מן אים וואול בּיוויליגט״, לט1
בּ/א.

—ונג — די, ־ען. פּראָצעס אָדער רעזולטאַט
פֿון אָפּטראָגן (זיך). אָ, פֿון סחורה. „די מעלה
פֿין שבּת ויום־הכּפֿורים... אָבֿער ניט די
אויפהייבּונג און אָ, פֿון די אורות חס־ושלום״,
תּניא, 314.

אָפּטראָגן — טרוו טראָג אָפּ, ~געטראָגן.
1. איבּערטראָגן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן.
אָ, רי שטיינער צום עק פֿון פֿעלד. אָ, פֿעק, זעק
אע. ״וואו געפֿינט מען אַ גאַסנמענטש
אָפֿצוסראָגן די סחורה?״. „ער טראָגט אָפּ די מצות
פֿון פּאָדראַד צר די בּעלי־בּתּ ם און קריגט
עטלעכע גראָשנס״. ״מע זעט ניט עס זאָל
עמעצער קומען סחורה קויפֿן, עס זאָל זײַן וואָס
אָפּצוטראָגן״, פּרץ, 'זיבּן גוטע יאָר,. „אַנו,

אָפּטראָגן

מאַקסל, טראָג נאָר אָפּ אַ טוץ צום איינבינדער,,, ייִז, 'אין דער פֿינצטער'.

2. בּרענגען צו טראָגן. אָ, אַ בּריוו, אַ טעלעגראַם אע. אָ, שלח־מנות. אָ, מתּנות. ,,פֿויגל, פֿויגל, פֿייגעלע, / פֿאָלג מיך, פֿאָלג אַ שליחות, / בעם זשע אָט דאָט בייגעלע, / טראָג עס אָפּ וואָס גיכער‘‘, פֿל [סאָוועטישע ייִדישע פֿאָלקסלידער, מאָסקווע 1939]. ,,מנוים טוט אונז קיינר אָבּ זאָגין, ווען מיר אונזרי רעקמדציאָהן אָבּ טראָגין‘‘, בחורים ליד, פּפֿדמ 1750 [ייִבֿל XIII]. ‘‘איך האָכ באַקומען אַ בינטל פֿריש היי אָפּצוטראָגן עס דער אומגליקלעכער שקאַפֿע‘‘, ממוס, קליאַטשע ,,אַ דאָקטער וואָס גייט מיט דער לוויה נאָך זיין חולה איז געגליכן צום שניידער וואָס טראָגט אָפּ אַ שטיקל אַרבעט‘‘, שמואל רדבּינ שטיין, פּגעז, ווילנע 8 1931, No.

3. צוריקטראָגן. צוריקבּרענגען. אָ, אַ געליגן טעפּל. אָ, אַ חובֿ. ,,ער נעמט די טאַץ און בּרענגט זי אַהיים צו זיינער פֿרוי. זי זאָגט: וואו האָסטו דיזע טאַץ געשטוילן. טראָג זי באַלד אָפּ, איך וויל קיינע געשטוילענע זאַכן נישט האָבּן‘‘, פּ. זאַנדמאַן איבּז, אַ נייאי טויזענד אונד איינע נאַכט, וואַרשע 1852. ,,די שטיוול וויל דער שייגעץ ניט אָפּבּרענגען, בּיז

מע ווער איך אָ, אַהיים די מטבע", אנ, שלש ום
בר יענטע [ש בערנשטיין], ר, יאָכצי דל גאה,
קעשענעוו 8□18. "טייל שנײַדער טראָגן אָפּ דעם
ייִתּור", פּרץ, 'בּשעת מגפֿה'. "ער נעמט דאָס
ייִנגעלע אויף די פּלייצעס און טראָגט עס אָפּ
אַהיים,,, סמב. ,,נעם מיך, ערד, אויף די הענט
פֿרן וועגן און טראָג מיך אָפּ אַהיים", אקש,
בּרויז, מינסק 1928, ז, 63.
4. אַוועקטראָגן. אַוועקנעמען. צרנעמען (
בּשתיקה). אָ, עפּעס פֿון שטוב. □אַ, די ב ייִ נ ע ר, די
פּ י ס   אַוועקלויפֿן. אָפּטראָגן זיך, ב 1 ,,יהודי
-----□
בּלא, טראָגט אָפּ די עצמות און הלכנט אַוועק",
ייִט, טאָג, II 1961 □י 1. "דאָז מן דאָשׂ בּעקן מיט
דיא (מצות) אין דיא היך היבּט — איז דער
(טעם) דז דיא קינדר ווערן מיינן מן וואָלט שוין
פֿון טיש אָבּ טראָגן אונ, ווערן פֿראָגן...",
עפּש, סידור תּפֿילות, אמס]ט תּק"ס, קמד/ג.
,,דערווײַל ווי מע האָט אין שטוב... געקלאָגט,
האָט ער געקענט עפּעס אָ', א לעפֿל, אַ פֿענדל,
א שטייסל", ייִל, קמ, 27 1867, No. "זענען פֿון
פֿריץ חייל געקומען, האָבּן די משכּנות סיל
גענומען, אָפּגעטראָגן עס צו אים אין סקאַרבּ",

ממוס, יודל. „אַז ער כאַפּט איינעס טראָגט ער אים אָפּ... גלײַך אין אוטשאַסטאָק אַרײַן“, שע, מנחס מענדל, 'לאָנדאָן'. „דער באַלאָן האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿט... אַזוי האָט עס ויי אָפּגעטראָגן גאַנצע 50 מײַל“, בלעטער, No 44.

5. אָפּניצן פֿון (בײַם) טראָגן אַ קליידונג. אָ, די קאַפּאָטע וואָס מע האָט אויפֿגענייט צו דער חתונה. אָ, די שבתדיקע מלבושים. אָ, די שטיוול אין די האַרבסטיקע בלאָטעס. פֿיג. "כ'האָב די האַרבסטן שוין אָפּגעטראָגן, געבליבן מיט שניי א◌ן די האָר“, בעריש ווײַנשטיין, איק, כ"ה תשכ„א.

אָפּטראָגן זיך

6. איבערגעבן. אינפֿאָרמירן וועגן עפּעס וואָס איז אַן אינטימער ענין. איבערדערציילן וואָס עס פּאַסט ניט, וואָס דאַרף בלײַבן בסוד. אָ אַ

,

רכילותל, אַ סוד, א פּליאָטקע אע אָ, די גאַנצע מעשׂה אין יענעמס א ו י ע ר ן. *אָ, אַ פּ ע ־ ק ל — פֿאַרמסרן. *אָ, אַ פּ אָ ט ש ט — איבערגעבן אַ בלבול, אַ רכילות. „איין איטלכשׂ

דינשׂט זאָל אירן הערן געטרוי דינן, ניט אָבּ
טראָגן עשׂ זאָל זײַן וואָשׂ וואו אירן הערן צו
גיהרט“, עפּש, דרך הישר לעולם הבּא, שקלאָוו
תּקנ“ו. „איז ער זיך דערגאַנגען דורך זײַנע
לײַט וואָס האָבּן אים אָפּגעטראָגן מיט זייערע
אייגענע צוגעלייגטע פּזמונות ▯, ממוס, 'די אַלטע
מעשׂה'. “ווּעסטו דאָך אַוודאי ווּעלן אָ, מײַן ווײַבּ
יואַס איך שרײַבּ דיר אַצינד„, שע, זומער־לעבּן.

7. איבּערגעבּן עפּעס וואָס איז גוט. אָ, דעם
רבּינס בּרכה. אָ, די גוטע רייד וואָס מע האָט
וועגן אים געהערט. „גיי אַזש אַהין אויף
אָפּצוטראָגן דעם מזל־טובֿ. פּ. שטיינוואקס, טמז,
1▯)19 ▯ 14.

8. אַריבּערבּרענגען בּאַצילן, אַ סיבּה פֿון אַ
קראַנקייט. אָנשטעקן. אָ, פּאָקן. אָ, די כאָלערע
פֿון כינע קיין אייראָפּע. „אַז מע טראָגט אָפּ
ווערט אַן איבּערגאַנג“, פֿוול [ווש מיט בּ6].

9. אײַנטראָגן. אײַנבּרענגען. אַ קרעמל וואָס
טראָגט ניט אָפּ. “מע רעכנט אויס צום צענטן
מאָל וויפֿל ועט אַשטייגער אָ, די תּבֿואה אין
צי וועט קלעקן אויף אַ יאָר לעבּן“, י. דאָבּרושין,
ערד־לעבּן, כאַרקאָוו, יאָר?

אָפּטראָגן זיך — ← דפֿוו 1. (אומאיידל)
אַוועקגיין, אַנטלויפֿן, אַוועקפֿאָרן אין אײַלעניש.

זיך ארויסקלײַבן. נעלם ווערן. „טראָג זיך אָפּ,
אַניט...". "טראָג זיך אָפּ אָדער מע וועט דיך
אַרויסמשלחן". כאַפּן די פֿיס אויף די פּלייצעס
און אָ, זיך. אָ, זיך פֿון אַ סכּנה. אָ, זיך
באַצײַטנס. אָפּטראָגן זיך מיט גאַנצע ביינער. אָ,
זיך אין איין העמד, אָט ווי מע שטייט.
האָבן שׂכל זיך אָפּצוטראָגן אין דער ריכטיקער
צײַט. זיך אַ, פֿון שטאָט. אַ, זיך מיט בושה,
בחרפּתו. „פּאַסט דאָס היטעלע צום קאָפּ, טו
עס אָן און טראָג זיך אָפּ", פֿוול. „ער האָט זיך
שטאַרק דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן שרײַען
גוואַלד, [זי] האָט זיך דערווײַל אָפּגעטראָגן",
י קעשיניעווסקי, דער מעדאַליאָהן, אַדעס תּרל"ו.
„טאַדעאוש האָט זיך געמוזט אָ, פֿון דער היים,
פֿון זײַן נחלה", מ מיכלזאָהן [מ רובינשטיין]
טאַדעאוש קאָשציושקאָ, לאָנדאָן 1904, ז, 8.
„קוים וויל אים דער פֿאָטער מקיים פּסק זײַן,
טראָגט ער זיך אָפּ — והילד איננו", שע, פֿונ'ם
יאַריד II, ז, 253. "גראָד איצט איז די פּאַסיקע
צײַט אָפּצוטראָגן זיך מיט דער פֿולער
זיכערקייט", בערג, בײַם דניעפּער I▯, 'עמעס', ז, 435.
2. (אומאיידל) שטאַרבן. אָ, זיך און שאַפֿן
שטעלעס פֿאַר ייִנגערע. „טאָמער וועט ער זיך
אָ,, איז דאָך פֿאַר מיר אַ סך גלײַכער", וו.

שפּיראָ, דער צ ועק, אַדעס 1896, ז, 143. ,,בײַם
אויסשנײַדן זיך אים צײנדלעך האָט ער זיך
מיישבֿ געווען און זיך אָפּגעטראָגן“, ממוס,
ווינטשפֿ ,,שעמען מעגט איר זיך! מילא, יענע

18()7

צווײַ עלטערע האָבן זיך אָפּגעטראָגן“, שע,
,צעזייט און צעשפּרייט'. “מען איז זיך מצער
אויף דעם יונגן 'המעורר, וואָס האָט זיך אַזוי
גיך אָפּגעטראָגן פֿון דער וועלט,,, בעמ II. “מע
האָט דערצו באַנוצט פֿאַרשידענע באַבסקע
סגולות און שפּרעכערײַ... און דאָס קינד האָט זיך